Digitized by the Internet Archive
in 2025

https://archive.org/details/englishyddishenc0000paul

ENGLISH-YIDDISH
ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

ENGLISH-YIDDISH

ENCYCLOPEDIC DICTIONARY

A COMPLETE LEXICON AND WORK OF REFERENCE IN ALL DEPARTMENTS OF KNOWLEDGE.

PREPARED UNDER THE EDITORSHIP OF

PAUL ABELSON, PH. D.

PUBLISHED BY

THE JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY

NEW YORK

1915.

ענגליש-אידישעס

ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך

אַ פאָלשטענדיגע און גענויע איבערזעצונג פון אַלע געברויכליכע ענגלישע ווערטער און פראַזען און אַן ענציקלאָפּעדיע פון וויסענשאַפטליכע און טעכנישע אויסדריקע

רעדאגירט פון

דר. פּאַול אייבעלסאָן

ארויסגעגעבען פון

טהי דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ.

ניו יאָרק

1915

Ref.
A92 A93 A63 2

COPYRIGHT, 1915,
By THE JEWISH PRESS PUBLISHING CO.
ALL RIGHTS RESERVED.

LIST OF COLLABORATORS

EDITOR-IN-CHIEF

Paul Abelson, Ph. D.

ASSOCIATE EDITORS:

Benzion Hoffman

Louis Landau | Morris Terman

CONTRIBUTORS AND TRANSLATORS:

Conrad Bercovici	Isaac Hillman	Abraham S. Sachs
Abraham J. Feldman	Ephraim Ish-Kishur	Kalman Tepper
David Hammond	Benedict Meltzer	Bertha Wiernik
	Meyer Wolodarsky	

די רעדאַקציאָן:

הויפּט רעדאקטאָר

דר. פּאול אייבעלסאָן

מיט־רעדאקטערע:

בן־ציון האָפּמאן (צביון)

מאָריס טערמאן | לואיס לאנדוי (א. וואָהלינער)

מיטארבייטער און איבערזעצער:

אפרים איש־כישור	דוד העמאָנד	אברהם ש. זאקס
קאָנראד בערקאָוויסי	מאיר וואָלאָדארסקי	קלמן טעפּער
יצחק הילמאן	בערטהא וויערניק	ברוך מעלצער
	אברהם פעלדמאן	

DEDICATED

TO THE MEMORY OF

JACOB SAPHIRSTEIN

גאָוויידמעט

דעם אנדענקען פון

יעקב סאַפּירשטיין ז"ל

PUBLISHERS' NOTE

With the publication of this English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, the Jewish Press Publishing Company is continuing the policy inaugurated by its founder, the late Mr. Jacob Saphirstein, who, in a spirit of patriotic service to the country of his adoption and as a contribution to the welfare of the Jewish population of America, conceived a well-matured plan to meet their intellectual needs.

Mr. Saphirstein realized the importance of acquainting the adult Jewish immigrant with American life, American customs and American thought. It was his conviction that the essentials of the American character—a spirit of tolerance, initiative, energy, optimism and love of freedom—were the very ideals animating the Jewish people. He felt, therefore, that the so-called Jewish problem in America was a comparatively simple one. He reasoned that if the adult immigrant Jew were only given the means to know and understand his new environment, the gain to America and to himself would be inestimable.

It was with these ideas in mind that Mr. Saphirstein founded the Jewish Press Publishing Company some twenty-five years ago when the stream of Jewish immigration to America began. His various efforts—"The Hebrew American," a Jewish weekly published in English with a Yiddish vocabulary, the text books for the study of English in the Yiddish language, a small English-Yiddish and Yiddish-English Dictionary, a "History of the United States" with a parallel Yiddish translation, a "History of the Jews in America" in English and Yiddish editions, "The Jewish Morning Journal," "Der Amerikaner"—all these testify to the constancy and the success of his policy.

In planning the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, Mr. Saphirstein had in mind the creation of an epoch-making work in the history of Jewish culture and in the history of the Jew in America. His aim was more than the mere publication of the largest compilation and translation of English words in any foreign language. Such an effort in itself would be a creditable achievement. But his spirit of enterprise soared much higher. He dreamed of a treasure-house of world culture. For the first time, an Encyclopedic Dictionary would put the Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's modern scholarship, science and culture.

To the realization of this dream Mr. Saphirstein gave the last four years of his life. Those competent to judge will fully appreciate the great difficulties involved in the carrying out of this project. Organizing and literary skill, scholarship and erudition were, of course, essential to the success of this enterprise. But these qualities alone would not suffice. The peculiar problem of the Yiddish-speaking American required that in conception and structure the work should meet the needs of the least educated no less than those of the best. In short, the situation called for a staff of editors and collaborators who, in addition to the essential qualities of scholarship, had to have a sympathetic understanding of not only American ideas and ideals, but also the ideals and needs of the Jews in general and of the Jews in America in particular.

The result speaks for itself. The English-Yiddish Encyclopedic Dictionary, in its full vocabulary drawn from all departments of knowledge and labor, scientific, mechanical, industrial, artistic, professional and practical, surpasses any other similar work. In all other respects we believe that it compares favorably with the best English and American works of this character. We are confident of a favorable verdict from those who know, and of the fullest support from the public which, in the last analysis, constitute the court of last judgment.

THE JEWISH PRESS PUBLISHING CO.

פאָרוואָרט פון די אַרויסגעבער

מיט דער אויסגאַבע פון דעם "ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" מאַכט די "דזשואיש פּרעס פּאַבלישינג קאָ." א נייעם שריט אין דער ריכטונג, וועלכע עס האָט איהר געגעבען איהר גרינדער, יעקב סאַפּירשטיין ז"ל.

אלס אַרויסגעבער, האָט זיך יעקב סאַפּירשטיין געשטעלט א דאָפּעלטע אויפגאַבע: ערשטענס, צו בעקענען דעם אידישען אימיגראַנט מיט זיין נייער היים, מיט איהר שפּראַך, מיט איהר גייסט, מיט איהר געשיכטע און מיט איהרע פּאָליטישע אינסטיטוציאָנען; צווייטענס, העלפען דעם אידען אין זיין שטרעבונג צו וויסען און אויפקלעהרונג.

אָט דיעזע אויפגאַבען זיינען אַוועקגעלעגט געוואָרען אלס פונדאַמענט פאַר דער טהעטיגקייט פון דער "דזשואיש פּרעס פּאַבלישינג קאָ." און זיי זיינען געבליבען דער פונדאַמענט פון איהר טהעטיגקייט אין פערלויף פון 25 יאָהר ביז היינטיגען טאָג. א פיערטעל יאָהרהונדערט האָט יעקב סאַפּירשטיין, אַן דער שפּיצע פון דער "דזשואיש פּרעס פּאַבלישינג קאָ.", אונערמיעדליך פערפאָלגט דיעזע אויפגאַבען. אלע זיינע פערשיעדענע אויסגאַבען זיינען געווען בעלעבט פון דעמזעלבען גייסט און האָבען געהאַט דעמזעלבען צוועק.

"דהי היברו אמעריקען", אַן ענגלישע וועכענטליכע אויסגאַבע מיט אידישע פערטייטשונגען; פערשיעדענע ענגלישע לעהר-ביכער; א קליינעס ענגליש-אידישעס און אידיש-ענגלישעס ווערטערבוך; "א געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען" אין ענגליש מיט א אידישער איבערזעצונג; "די געשיכטע פון די אידען אין אַמעריקא" אין ענגליש און אידיש; "דער מאָרגען זשורנאַל" און "דער אַמעריקאַנער"—אלע דיעזע פערשיעדענע גרעסערע און קלענערע אויסגאַבען פון דער "דזשואיש פּרעס פּאַבלישינג קאָ." זיינען פּראָדוקטען פון איין און דעמזעלבען גייסט און פערקערפּערען איין און דעמזעלבען אידעאַל: בעקענען די אידען מיט אַמעריקא און זיי מאַכען פאַר געבילדעטע מענשען.

יעקב סאַפּירשטיין'ס לעצטע אונטערנעהמונג אין דיעזער ריכטונג איז "דאָס אידיש-ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך". דיעזער אונטערנעהמונג האָט ער געווידמעט די לעצטע פיער יאָהר פון זיין לעבען. לויט זיין פּלאַן, האָט דאָס בעדאַרפט זיין אַן עפּאָכע-מאַכענדעס ווערק אין דער געשיכטע פון דער אידישער קולטור און אין דער געשיכטע פון די אידען אין אַמעריקא. עס האָט בעדאַרפט זיין א ווערק, וואָס זאָל אַרומנעהמען אלע געביעטען פון וויסענשאַפט, טעכניק, קונסט און ליטעראַטור, זאָל אין זיך פערקערפּערען דאָס לעצטע וואָרט פון וויסענשאַפט און זאָל ענטהאַלטען אלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראַך פערטייטשט אויף'ן גענויעסטען און פּינקטליכסטען אופן.

עס איז געווען א ריעזיגע, שווערע אונטערנעהמונג. און שווער איז עס געווען ניט נור דערפאַר, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט אָרגאַניזאַציאָנס-פעהיגקייט, פיעל ליטעראַרישער טאַלאַנט און א מאַסע וויסען און געלעהרזאַמקייט. די הויפּט-שוועריגקייט איז געווען צוצופּאַסען דאָס ווערק צו די אידישע בעדערפניסע און איבערשאַפען די קולטור-אוצרות אויף א אידישען שטייגער אזוי אז עס זאָל קענען צופריעדענשטעלען דעם העכסט-געבילדעטען און זיין אויף'ן העכסטען אופן ניצליך פאַר דעם ווייניג-געבילדעטען. עס איז דעריבער נויטיג געווען א ספּעציעלער אויסוואַהל פון מענשען פאַר דיעזער אַרבייט מיט ספּעציעלע פעהיגקייטען.

דאָס ריעזיגע ווערק איז ענדליך געשאַפען און יעדער קען זיך אליין איבערצייגען, ווי ווייט עס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען די אויפגאַבען, וועלכע די אַרויסגעבער האָבען זיך געשטעלט.

אין דער גרויסער צאָהל ווערטער, אין די גענויעסטע און פּינקליכסטע פערטייטשונגען פון די ענגלישע ווערטער און אין די ענציקלאָפּעדישע ערקלערונגען שטייגט "דאָס ענגליש-אידישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערבוך" אריבער אלע אנדערע אויסגאַבען פון דעם מין אין אנדערע, ניט-ענגלישע שפּראַכען. אין אלע אנדערע הינזיכטען, גלויבען מיר, קען עס זיך מעהר אָדער ווייניגער פערגלייכען מיט אלע גרויסע עהנליכע ווערק אין ענגליש.

מיר זיינען זיכער, אז דאָס פּובליקום וועט פערשטעהן דעם גרויסען ווערטה פון אונזער ריעזיגער אויסגאַבע און וועט וויסען ווי זי אָבצושעצען.

דזשואיש פּרעס פּאַבלישינג קאָ.

PREFACE

The publishers in their note to the public have indicated the general plan of the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary. The work aims "to put the Yiddish-speaking people into possession of the results of the world's modern science, scholarship and culture." It is for others to judge how far these aims have been realized. For his part, the editor deems it necessary to explain briefly how he met and solved some of the specific problems involved, such as the selection of words, spelling, pronunciation, transliteration, definitions of words, terms, phrases and idiomatic expressions and the use of illustrations and examples.

VOCABULARY

In the selection of words, one result was aimed at, namely, the widest inclusion in strict alphabetical order of words, terms, phrases and idiomatic expressions which are used in all countries where English is spoken. Obsolete, archaic and provincial terms were excluded. Care was taken to make the number of American colloquial and slang expressions as complete as possible.

SPELLING

The problems of spelling which had to be faced were unique and distinctive. The difficulties of English spelling are well known to all. Lexicons of standing in the academic world differ widely on the spelling of many words. For our purpose authoritative choice in the matter of disputed spelling was essential. The staff was therefore obliged to make an exhaustive study of each disputed spelling and to decide in favor of one or the other.

In general, it may be stated that American usage and simplicity of form were the guiding criteria. The scope of the work did not permit any leaning toward spelling reform. In some cases it was absolutely impossible to reject one form of spelling in favor of another. But even in these cases the editor indicated his choice. The word in the less favored form was included, but its definition and use referred by a cross-reference to the spelling chosen by the editor.

PRONUNCIATION

In the matter of pronunciation two problems had to be solved, first, the usual difficulties of accepted variations of pronunciation, and second, the problem of transliterating the pronunciation.

פאָררעדע

די ארויסגעבער פון דעם "ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" האָבען שוין אין זייער פאָררעדע אָנגעצייגט דעם פּלאן און די אויפגאבע פון דיזען ווערק. דער צוועק איז געווען צו שאפען פאר אידען א קולטור-ווערק און אן אוצר פון וויסענשאפט, וואָס זאָל אין דערזעלבער צייט זיין א פאָלשטענדיגע זאמלונג פון אלע געברויכליכע ענגלישע ווערטער מיט די גענויעסטע און פּינקליכסטע פּערטייטשונגען. עס בלייבט, נאטירליך, פאר אנדערע צו אורטיילען, ווי ווייט דיזע אויפגאבע איז דורכגעפיהרט געוואָרען. די רעדאקציאָן, פון איהר זייט, רעכענט בלויז פאר נויטיג דאָ צו געבען אייניגע ערקלערונגען וועגען א פּאָר איינצעלהייטען פון דער ארבייט און ווי זי האָט געלעזט די פראגען, וואָס זיינען מיט דער ארבייט געווען פערבונדען, ווי למשל: דער אויסוואהל פון ווערטער און אילוסטראציאָנען, די אויסלעגונג, די אויסשפּראך, די איבערזעצונגען און ערקלערונגען, די איינפיהרונג פון ענגלישע פראזען צו ערקלערען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער א. ז. וו.

דער אויסוואהל פון ווערטער.

אונזער שטרעבונג איז געווען צו געבען אין דעם ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך אלע געברויכליכע ווערטער פון דער ענגלישער שפּראך, אלע ווערטער, וואָס ווערען געברויכט אין דער ליטעראטור און אין לעבען. אויסגעשלאָסען געוואָרען זיינען בלויז פערעלטערטע ווערטער, וועלכע ווערען מעהר ניט געברויכט, און פּראָווינציאליזמען, דאָס הייסט, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע ווערען געברויכט בלויז פון א קליינעם טייל פון דער בעפעלקערונג אין געוויסע געגענדען. דערפאר זיינען אָבער אין דעם ווערטערבוך אריין די מייסטע אמעריקאנישע פאָלקס-אויסדריקע און ווערטער פון דעם אמעריקאנישען ענגלישען פאָלקס-זשארגאָן.

אויסלעגונג.

די פראגע פון אויסלעגען די ענגלישע ווערטער איז אָפט געווען א גאנץ שווערע. ווי עס איז בעקאנט, ווערען פיעלע ענגלישע ווערטער פערשיעדענארטיג אויסגעלעגט. עס איז דעריבער נויטיג געווען, אז מיר אליין זאָלען פעסטשטעלען די פּאסיגע אויסלעגונג נאָך אן אויספיהרליכען שטודיום.

אין אלגעמיין האָבען מיר זיך דאָ געהאלטען אָן דער אויסלעגונג, וואָס איז אָנגענומען אין אמעריקא און אָן די איינפאכערע פאָרמען, אויסמיידענדיג די גאָר נייעסטע רעפאָרמען. אין אייניגע פעלע וואו עס איז געווען אונפּראקטיש אויסצולאָזען געוויסע פאָרמען פון אויסלעגען א וואָרט, האָבען מיר געגעבען אלע פערשיעדענע פאָרמען. אָבער אויך אין דיזע פעלע האָבען מיר געמאכט אונזער אייגענעם אויסוואהל דערמיט וואָס מיר האָבען איבערגעזעצט דאָס וואָרט אין דער פאָרם, וואָס איז, נאָך אונזער מיינונג, די ריכטיגסטע און צו דיזען וואָרט האָבען מיר אָבגעשיקט די אנדערע ווערטער.

די אויסשפּראך.

אין דער פראגע פון דער אויסשפּראך האָבען מיר געהאט פאר זיך צוויי פּראָבלעמען: ערשטענס, די פערשיעדענארטיגע אויסשפּראך פון געוויסע ענגלישע ווערטער; צווייטענס, די פּראָבלעם, ווי איבערצוגעבען די אויסשפּראך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש.

דיא ערשטע פּראָבלעם איז געלעזט געוואָרען אויף דעמזעלבען שטייגער ווי די פראגע פון אויסלעגען, דאָס הייסט, נאָך א גענויער אויספאָרשונג, האָבען מיר פעסטגעשטעלט די אויסשפּראך, וועלכע איז, נאָך אונזער מיינונג, די פּאסיגסטע. וואָס אָנבעלאנגט דער צווייטער פּראָבלעם, איז ניט מען האָט געקענט און ניט עס איז געווען ווינשענסווערטה איינצופיהרען ספּעציעלע צייכענס פאר דער אָדער יענער אויסשפּראך פון אן ענגלישען קלאנג, ווייל עס איז מעגליך געווען כמעט גענוי איבערצוגעבען די ענגלישע אויסשפּראך דורך אידישע בוכשטאבען.

וואָס פאר צייכענס מען זאָל ניט איינפיהרען, וועט מען דאָך ניט קענען אין גאנצען ערקלערען, ווי מאנכע ענגלישע קלאנגען און מיטעל-קלאנגען ווערען ארויסגערעדט, ווי למשל, די קלאנגען a, o און u פאר א r. דער אויסלענדער קען זיך בלויז דעמאָלט אויסלערנען די אויסשפּראך פון דיזע קלאנגען, ווען ער הערט, ווי זיי ווערען ארויסגערעדט. אזוי ווי דער אויסלענדער איז גענייגט ארויסצורייפדען th ווי א "ד", האָבען מיר גערעכענט פאר נויטיג איבערצוגעבען דיזע קלאנגען דורך "טה". דער

As in spelling, the necessities of the situation called for a definite choice by the editor after thorough investigation. As to the second, keys for pronunciation and symbols were neither feasible nor desirable. The use of the available Yiddish consonants and vowels and a few special combinations of these was found to be a satisfactory way of transliterating. In almost all cases the sounds and the middle sounds were thus given. In a very few instances it was not possible to do this, such as for example, the proper sound to the letters "o," "a" and "u" before "r." The sound "th" presented special difficulties. This sound, as has been well said, is unteachable though learnable. Since the foreigner is more likely to err by pronouncing the "th" like a "d," we leaned in our transliteration towards "t". The complete scheme of transliteration is explained in the Yiddish preface. The words as transliterated are not syllabified but only separated for the purposes of pronunciation and accent.

DEFINITION

The Yiddish-speaking population of America consists chiefly of adult immigrants and presents the widest variety of intellectual training and capacity, from the university-trained student to the workman whose opportunities for mental development have opened up only with his arrival here. All groups however find the acquisition of English and acquaintance with American life and thought absolute necessities.

It is obvious that the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary will be of great value to the educated immigrant. He will find clear, accurate and comprehensive definitions of those words, terms and phrases that are current among educated classes in the English-speaking world. On the other hand, no less care was given to meet the needs of the untaught. In defining even the most elementary words or terms, it was assumed that the person consulting the dictionary had nothing to unlearn and everything to acquire about the meaning and use in question. By explanation, by illustration, by examples in English or in Yiddish, by cross-reference to synonymous or analogous words, the meaning given in the simplest Yiddish is made clear even to one who possesses only the bare rudiments of an education.

Definition was confined exclusively to the *present* meaning and use of words. The most common meaning and widest use of the words were given first, then shades of meaning. In most instances words which have a special meaning when used in connection with other words were given with these others as phrases. Where necessary for the sake of clearness of defini-

גאַנצער פּלאַן, וואָס מיר האָבען אָנגענומען, צו בעצייכנען די ענגלישע קלאַנגען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע, וועט ווייטער איבערגעגעבען אין א בעזונדערער ערקלערונג.

פערטייטשונגען און ערקלערונגען.

אונזער "ענגליש-אידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך" איז בעשטימט פאַר אַלע אידען, אָהן אויסנאַהמע, פון דעם העכסט-געבילדעטען ביז דעם אם ווייניגסטען געבילדעטען, פאַר דעם אידען, וואָס הויבט זיך ערשט אָן צו לערנען ענגליש און פאַר דעם אידען, וואָס קען שוין ענגליש. די פערטייטשונגען און ערקלערונגען האָבען דעריבער געמוזט זיין אַזעלכע, וואָס זאָלען קענען צופריעדענשטעלען אַלע קלאַסען אידען. די פערטייטשונגען זיינען קלאָר, פשוט, פינקטליך און אויספיהרליך. עס ווערען געגעבען אַלע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער און אַלע שאַטירונגען פון דיעזע בעדייטונגען. דער וואָס קען שוין ענגליש וועט לערנען נאָך מעהר און ווער עס קען נאָך ניט די ענגלישע שפּראַך וועט פון דעם ווערטערבוך קענען אָנהויבען צו לערנען.

אין דער פערטייטשונג פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר געשטרעבט צו געבען די בעדייטונגען, וועלכע די ווערטער האָבען איצטער. די פעראַלטערטע און פאַרצייטיגע בעדייטונגען זיינען מייסטענס אויסגעלאָזען געוואָרען. אין דער איינאָרדנונג פון די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעלבען וואָרט האָבען מיר זיך געהאַלטען אָן דעם כלל, אז די מעהר געברויכליכע און געוועהנליכע קומען צום ערשטען. ווען געוויסע ענגלישע ווערטער האָבען א ספּעציעלע בעדייטונג אין פערבינדונג מיט אַנדערע ווערטער, ווערט געגעבען די גאַנצע פראַזע און דערצו אין דערזעלבער אַלפאַבעטישער אָרדנונג ווי איינצעלנע ווערטער. אום קלאָרער צו מאַכען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון איין און דעמזעלבען וואָרט, ווערען אָפט די בעדייטונגען נומערירט און עס ווערען אונטען געגעבען ענגלישע פראַזען אונטער ענטשפּרעכענדע נומערען, צו צייגען, ווי דאָס וואָרט ווערט געברויכט.

אין דעם אויסוואהל פון ענגלישע פראַזען צו אילוסטרירען די פערשיעדענע בעדייטונגען פון די ענגלישע ווערטער האָבען מיר זיך געמוזט צופּאַסען צו די ספּעציעלע פאָדערונגען, וועלכע מען קען שטעלען צו אַזא ווערטערבוך ווי אונזערער, און אַנשטאַט צו געבען אויסציגע פון בעקאַנטע ליטעראַרישע ווערק, ווי עס איז אָנגענומען אין די גרויסע ענגלישע ענציקלאָפּעדישע ווערטערביכער, האָבען מיר געגעבען פשוט'ע, אַלטעגליכע פראַזען.

די אידיאָמען, דאָס הייסט, די אייגענאַרטיגע שפּראַך-אויסדריקע, וועלכע לאָזען זיך ניט איבערזעצען בוכשטעבליך אין אַן אַנדער שפּראַך, זיינען ביי אונז איבערגעזעצט פריי, מייסטענס דורך ענטשפּרעכענדע אידישע אידיאָמען.

אילוסטראַציאָנען.

מיט דעם אויסוואהל פון אילוסטראַציאָנען האָבען מיר אויך בעצוועקט די ספּעציעלע צופּאַסונג צו די אידישע פאָדערונגען. די אידישע שפּראַך איז זעהר אָרים אין ווערטער אויף'ן געביעט פון נאַטור-געשיכטע, נאַוויגאַציאָן, ערד-אַרבייט א. ז. וו. דעם אידען פעהלט די בעקאַנטשאַפט מיט פיעלע פאַכען, פּראָפעסיאָנען און מלאכות. עס איז דעריבער ניט נור נויטיג געווען צו שאַפען מאַסען נייע ווערטער, נאָר עס איז אויך נויטיג געווען צו געבען ביי די ווערטער אילוסטראַציאָנען און בילדער, אום קלאָר צו מאַכען זייער בעדייטונג. מיר האָבען, אַלזאָ, אַריינגעבראַכט ספּעציעלע אילוסטראַציאָנען, אויסער די יעניגע וואָס ווערען געוועהנליך געגעבען אין אַלע ווערק פון דעם מין.

דער ענציקלאָפּעדישער טייל.

אין דער צוזאַמענשטעלונג פון דעם ענציקלאָפּעדישען טייל פון ווערטערבוך האָט די רעדאַקציאָן זיך גערעכענט מיט אַלע מעגליכע קלאַסען פון אידישען פאָלק: מיט דעם געבילדעטען אויסלענדער, מיט דעם פּראָפעסיאָנעלען מענשען, מיט דעם סטודענט, מיט דער הויז-ווירטהין, מיט דעם פערמער, מיט דעם בעל-מלאכה און מיט דעם הענדלער. דאָס ווערק איז פול מיט קליינע אַרטיקלען און אָבהאַנדלונגען איבער די פערשיעדענסטע געגענשטענדע. עס זיינען פאַראַן פיעלע טויזענדע ערקלערונגען פון טערמינען אויף'ן געביעט פון נאַטור-וויסענשאַפט, פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, קונסט, פילאָזאָפיע, רעליגיאָן, מאַטעמאַטיק, געשיכטע, פּאָליטיק, פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, האַנדעל, אינדוסטריע א. ז. וו.

די ערקלערונגען זיינען שטרענג וויסענשאַפטליך, זיינען פאָרזיכטיג אויסגעאַרבייט און זיינען בע־

tion, the different meanings of a word were grouped numerically and appropriate illustrative examples in English added.

The conventional method of using phrases and quotations from literary masterpieces to illustrate the meaning and use of words was obviously unsuitable for our purpose, since such phrases and quotations can have significance only to those who are well acquainted with English literature. Accordingly, phrases and quotations of ordinary conversational usage were given as a more serviceable aid to definition. Idioms were likewise treated in an original manner. Every idiomatic expression was translated freely by the equivalent Yiddish idiom.

ILLUSTRATIONS

The selection of illustrations requires some explanation. In the field of natural history, seafaring, handicraft and in many other domains there is a paucity of words in the Yiddish language. In parts this deficiency was supplied by suitably coined words, and in such instances the use of illustrations was indispensable. We have also included an abundance of illustrations of the simplest tools, machinery, agricultural implements and utensils in daily use. The Yiddish population of America was largely reared in rural and small suburban communities in Europe. Illustrations of the character mentioned will help these people adapt themselves to the enlarged material surroundings of American city and country life.

ENCYCLOPEDIC MATTER

In the selection of encyclopedic matter, the needs of all groups were considered, those of the educated foreigner, the professional man, the student, the business man, the mother and housewife, the farmer, the artisan and the tradesman. The work abounds in carefully prepared authoritative and up-to-date articles on the most important terms in the field of physical, natural and mental science, of technology and handicraft, of philosophy and art, of religion and theology, of mathematics, of general and American history, of politics, economics and sociology, of commerce, trade and industry, of American customs, manners and life.

The treatment of expressions for ideas which of necessity are matters of controversy was studiously unbiased. The aim throughout has been to define a term exactly in the way in which the group to whom the term belongs would define it.

גרינדעט אויף די נייעסטע וויסענשאפטליכע פאָרשונגען. די טערמינען, וואָס האָבען צו טהאָן מיט אידעאלען, געזעלשאפטליכע ריכטונגען און סאָציאל-פּאָליטישע לעהרען, זיינען אין אונזער ווערטערבוך ערקלערט געוואָרען מיט שטרענגער אונפּארטייאישקייט. אונזער שטרעבונג איז דערביי געווען צו ערקלערען דיעזע טערמינען אזוי ווי זיי ווערען געוועהנליך פערשטאנען פון די אָנהענגער פון די דאָזיגע לעהרען, ריכטונגען אָדער אידעאלען.

די אידישע שפּראך.

איבער הונדערט און צוואנציג טויזענד ענגלישע ווערטער געפינען זיך אין אונזער "ענגליש-אידישען ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך". ענגליש איז די רייכסטע שפּראך וואָס אָנבעלאנגט איהר ווערטער-שאץ. די ענגלישע שפּראך פערמאָגט מעהר ווערטער ווי וועלכע ניט איז אנדערע שפּראך. פאר יעדען בעגריף האָט זי פיעלע פערשיעדענע ווערטער און יעדעס וואָרט האָט פיעלע בעדייטונגען.

אין פערגלייך מיט דער ענגלישער שפּראך איז אונזער אידיש, אלס א יונגע שפּראך, אלס א פאָלקס-שפּראך, אלס א שפּראך מיט זעהר א יונגער און בעשרענקטער ליטעראטור, זעהר און זעהר אָרים.

דיא אידישע שפּראך געפינט זיך איצטער אין פּראָצעס פון ענטוויקלונג און פאָרמירונג. יעדעס נייע ערנסטע ווערק פון פּעראנטוואָרטליכע אידישע שרייבער העלפט מיט דיעזער ענטוויקלונג און פאָרמירונג. מיר גלויבען אָבער, אז עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען דאָ מאכען די בעהויפּטונג, אז קיין ווערק האָט נאָך ניט בייגעטראָגען אזוי פיעל צו דער בערייכערונג און פאָרמירונג פון דער אידישער שפּראך, ווי אונזער "ענגליש-אידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטערבוך".

צו דער איבערזעצונג פון די פיעלע, פיעלע צעהנדליגע טויזענדע ווערטער פון דער אונגעהייער-רייכער ענגלישער שפּראך זיינען מיר צוגעטראָטען מיט דיא געצעהלטע פאָר טויזענד אידישע ווערטער. עס האָבען אונז געפעהלט ווערטער פאר פיעלע אבסטראקטע בעגריפען. מיר האָבען ניט געהאט קיין נעמען פאר הונדערטע פלאנצען, חיות, פיש, אינזעקטען און אזוי ווייטער, וועגען וועלכע דער איד האָט לחלוטין קיין בעגריף ניט און פאר וועלכע ער האָט ניט קיין נעמען אין זיין שפּראך. עס האָבען אונז געפעהלט דיא איינפאכסטע ווערטער צו בעצייכנען אינסטרומענטען. עס האָבען זאָגאר געפעהלט אידישע ווערטער וואָס ווערען געברויכט ביי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי און אזוי ווייטער, ווייל די מייסטע ווערטער פון דיעזען סאָרט זיינען ענטנומען אין רוסלאנד — פון דער רוסישער שפּראך, אין גאליציען און רומעניען — פון דער דייטשער און אין אמעריקא — פון דער ענגלישער.

און דעריבער איז עס אויסגעקומען, אז די מייסטע ענגלישע ווערטער האָט מען אין אונזער ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך ניט נור בעדארפט איבערזעצען, נאָר מען האָט אויך בעדארפט שאפען די נויטיגע ווערטער פאר דער איבערזעצונג אָדער זייערע פאָרמען אָדער ביידע צוזאמען.

דערצו איז געוועזען נאָך איין שוועריגקייט. מען האָט ביי דער איבערזעצונג געמוזט אין זינען האָבען, אז מיט אונזער ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך וועלען זיך בענוצען אידען פון פערשיעדענע לענדער. מען האָט בעדארפט נעהמען אין אנבעטראכט, אז פערשיעדענע זאכען האָבען פערשיעדענע נעמען אין גאליציען, רומעניען, רוסלאנד און אמעריקא.

עס קומט אויף אזא אופן אויס, אז מען האָט זיך ניט אימער געקענט פריי בענוצען אפילו מיט יענע ווערטער, וועלכע זיינען שוין אין געברויך ביי געוויסע טיילען פון אידישען פאָלק, אויס מורא, אז זיי וועלען קלינגען טערקיש פאר אנדערע אידען.

און נייע ווערטער, א גרויסער שטראָם נייע ווערטער האָט זיך אונבעדינגט געפאָדערט, ערשטענס, אום צו קענען איבערזעצען די אונגעהייער-גרויסע צאָהל ענגלישע ווערטער און, צווייטענס, אום צו לעגען דעם פונדאמענט פאר א אידישער שפּראך, וועלכע זאָל קענען געברויכט ווערען אויף אלע געביעטען פון מענשליכען דענקען. די ארבייט איז געווען א ריעזיגע, אָבער זי איז ווערטה געווען די מיה.

צום אלעם ערשטען האָבען מיר אריינגעבראכט אין אונזער ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך אלע יענע וויסענשאפטליכע טערמינען, ווערטער און אויסדריקע, וועלכע האָבען בעקומען בירגער-רעכטע אין אלע שפּראכען פון די ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע מען געברויכט שוין טיילוויז ביי אונז און וועלכע מען וועט נאָך מעהר מוזען געברויכען אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אונזער שפּראך. אום אָבער דיעזע שווערע ווערטער זאָלען ניט בלייבען קיין פּוסטע קלאנגען פאר די געברויכער פון אונזער ווערטערבוך און אום זיי זאָלען קענען אריינגעהן אין געברויך, איז ביי אונז איינגעפיהרט געוואָרען, אז יעדעס וואָרט אזעלכעס זאָל גענוי ערקלערט ווערען אין פּשוט'ע ווערטער.

פאר נעמען פון חיות, פלאנצען, פיש און אזוי ווייטער, פאר וועלכע מען האָט ניט געפינען קיין

INFLUENCE ON THE YIDDISH LANGUAGE

An important result of the publication of the English-Yiddish Encyclopedic Dictionary will be its influence on the development of the Yiddish language. As indicated above, Yiddish is a language of few words when compared with English. It was therefore necessary to adopt and incorporate thousands of words that form a part of the world's languages into the former tongue. In the accomplishment of this task, the standards of orthography and word-formation which were adopted, will undoubtedly have an important influence on the future growth of Yiddish. Students of this phase of language development will be interested in the editor's special note on this subject in the Yiddish preface.

ACKNOWLEDGMENTS

The editor desires to express his thanks to all his colleagues and collaborators, whose cooperation made the success of this vast and unusual undertaking possible.

He is particularly indebted to Mr. Benzion Hoffman, Mr. Louis Landau and Mr. Morris Terman, the associate editors. Their devotion, self-sacrifice, genuine and constant interest in the work, their unfailing industry must forever stand out as a manifestation of the true spirit of scholarship.

To Mr. S. Vaisberg the success of the mechanical details of the work is mainly due. Only those familiar with the printer's art can fully appreciate the technical difficulties involved in the publication of a bilingual dictionary in the Semitic and Aryan languages. Mr. Vaisberg was ably assisted by Mr. M. Milch, Mr. T. Glass and Mr. M. Davidow.

But above all, the editor owes a debt of gratitude to the late lamented Mr. Jacob Saphirstein, the founder and manager of the Jewish Press Publishing Company. His vision it was which conceived the value and significance of the work. The full measure of confidence, sympathy and support which he gave to the editor has made its realization possible.

PAUL ABELSON.

New York, December 21, 1914.

ווערטער אין דער אידישער שפּראַך, האָט מען זיך געמוזט ווענדען צו צוויי שפּראַכען, פון וועלכע אידיש האָט געשעפּט ווערטער־שטאָף מיט דער פולער האַנד — צו דייטש און צו רוסיש. הויפּטזעכליך אָבער האָט מען זיך אין אונזער ווערטערבוך בענוצט מיט דייטשע ווערטער שוין פּשוט דערפאַר, ווייל דייטש איז אַם נעהנטסטען צו אידיש און דייטשע ווערטער פּאַסען זיך אַם בעסטען אריין אין דער אידישער שפּראַך און ווערען לייכטער פערדייהט אין אונזער מאַמע־לשון. רוסישע ווערטער זיינען געברויכט געוואָרען מייסטענס אַזעלכע, וועלכע האָבען זיך שוין מעהר אָדער ווייניגער צוזאַמענגעלעבט מיט אידיש. ניט זעלטען זיינען געברויכט געוואָרען אי דאָס דייטשע אי דאָס רוסישע וואָרט.

אויך די געוועהנליכע אידישע ווערטער איז מען אָפט געווען געצוואונגען צו געבען עטליכע מיט אַמאָל. דאָס האָט מען זיך אַזוי נוהג געווען אין דעם פאַל, ווען די ווערטער זיינען געווען פּראָווינ־ציאַליזמען. דערמיט איז דערגרייכט געוואָרען אַ דאָפּעלטער ציעל: ערשטענס, האָט מען דאָס ענג־לישע וואָרט געמאַכט פערשטענדליך פאַר אַלע אידען און צווייטענס, האָט מען אריינגעבראַכט אין דער אידישער שפּראַך ווייניג־בעקאַנטע ווערטער, וועלכע וועלען וואַהרשיינליך שפּעטער אַלגעמיין אָנגע־נומען ווערען אין דער אידישער ליטעראַטור.

דערפון זאָל אָבער ניט געצויגען ווערען דער פאַלשער שלוס, אַז מיר האָבען גענומען אַלע ווער־טער, וועלכע עס זיינען אונז נור געקומען צו דער האַנד. אין דער צייט, ווען מיר האָבען זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו קריגען די נויטיגע ווערטער וואו מיר האָבען זיי נור געקענט געפינען, האָבען מיר זיך אָבער געגעבען נאָך מעהר מיה אויסצוקלייבען די פּאַסיגסטע, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס זיינען אַם מעהרסטען פערשפּרייט, אָדער זיינען אין זייער פאָרמע נעהנטער צו דער אידישער ליטעראַרישער שפּראַך, צו איהרע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און צו איהר גייסט. וואו עס האָט זיך נור געלאָזט, האָבען די דייטשע ווערטער בעקומען אַ אידישע פאָרמע.

אריינבריינגענדיג נייע ווערטער און נייע פאָרמען פון ווערטער, האָבען מיר אויך אין זינען געהאַט אויסצואַרבייטען מעהר אָדער ווייניגער פעסטע גראַמאַטיקאַלישע כללים און אָן אויסגעהאַלטענע אויס־לעגונג פון ווערטער.

מיר זיינען זיכער, אַז אין דער ווייטערער ענטוויקלונג פון אידיש וועט אונזער גרויסעס ווערק דיענען אַלס וויכטיגער פאַקטאָר און יעדער אידישער שרייבער און יעדער פאָרשער פון אידיש וועט אונזער ווערטערבוך קענען און מוזען געברויכען אַלס רעפערענץ־בוך.

דאַנקזאַגונגען.

צום שלוס וויל דאָ דער רעדאַקטאָר אויסדריקען זיין הערצליכען דאַנק צו אַלע זיינע קאָלעגען און מיטאַרבייטער, וועלכע האָבען דורך זייער אַרבייט געמאַכט מעגליך דעם ערפאָלג פון דיעזער ריעזיגער, אונגעוועהנליכער אונטערנעהמונג.

ער פיהלט זיך ספּעציעל פערפליכטעט צו די הערן בן־ציון האָפמאַן (צביון), לואיס לאַנדוי (א. וואַהלינער) און מאָררים טערמאַן, זיינע מיט־רעדאַקטערע. בלויז מענשען מיט אמת'ער ליעבע צו דער וויסענשאַפט האָבען געקענט, ווי זיי, ארויסצייגען אַזאַ טיעפען אינטערעס, אַזאַ איבערגעבענהייט און אַזאַ גרינדליכקייט אין דער פערפאָלקאָמונג פון דיעזען ווערק.

הערר סעמיועל וויסבערג האָבען מיר צו פערדאַנקען דעם ערפאָלג פון דער טעכנישער זייט פון דעם ווערטערבוך. נור די יעניגע, וואָס זיינען בעקאַנט מיט'ן דרוק־פאַך, וועלען קענען אָבשאַצען די גרויסע טעכנישע שוועריגקייטען אין אַזאַ אויסגאַבע ווי אונזערע. הערר וויסבערג'ס פעהיגע מיטהעל־פער אין דער טעכנישער אָבטיילונג זיינען געווען הערר מ. מילך, הערר ט. גלאַס און הערר מ. דייווידאָוו.

אָבער די טיעפּסטע דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פיהלט זיך דער רעדאַקטאָר פערפליכטעט אויס־צודריקען דעם זעליגען יעקב סאַפּירשטיין, דעם גרינדער און פערוואַלטער פון דער "דזשואיש פּרעס פּאָבלישינג קאָ." ער האָט געשאַפען דעם געדאַנק וועגען דיעזער אונטערנעהמונג און ער האָט מעגליך געמאַכט די פערווירקליכונג פון דיעזען געדאַנק דורך זיין צוטריען צו דער רעדאַקציאָן, זיין מיטוויר־קונג און סימפּאַטיע.

פּאַול אייבעלסאָן.

ניו יאָרק, 21טען דעצעמבער, 1914.

ערקלערונג וועגען דער אויסשפּראַך

1. די אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער אין אידיש ווערט אין דיזען ווערטערבוך פאַנאַנדערגעטיילט אין בעזונדערע זילבען דורך שטריכעלעך (—).
2. די ווערטער ווערען פאַנאַנדערגעטיילט אין זילבען ניט לויט די גראַמאַטיקאַלישע כללים, נאָר, צוליעב בעקוועמ־ליכקייט, לויט זייער אויסשפּראַך.
3. דער אַקצענט פון אַ וואָרט ווערט אַנגעדייטעט אין ענגליש און אין אידיש דורך דעם צייכען (′).
4. מאַנכע ענגלישע קלאַנגען קענען ניט גענוי איבערגעגעבען ווערען דורך ענטשפּרעכענדע אידישע קלאַנגען, ווי עס איז שוין אַנגעצייגט אין דער פאָררעדע צו דיזען ווערק. אין אַזעלכע פעלע זיינען אין דעם ווערטערבוך אין דער אידישער אויסשפּראַך געברויכט יענע אידישע קלאַנגען, וואָס זיינען אַם נאָהענטסטען צו די ענט־שפּרעכענדע ענגלישע. פאָלגענדע אידישע קלאַנגען האָבען פאָלגענדע בעדייטונג אין דער אויסשפּראַך פון די ענגלישע ווערטער:
   - א) אַה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אַ.
   - ב) אָה בעצייכענט אַ ברייטען קלאַנג אָ.
   - ג) אָו בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג אָ.
   - ד) עה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ע.
   - ה) וה בעצייכענט אַ לאַנגען קלאַנג ו.
   - ו) יע בעצייכענט: ערשטענס, אַ לאַנגען קלאַנג י, ווי אין וואָרט ״ליעבע״ אָדער דעם ווייכען קלאַנג ע, ווי אין וואָרט ״יענער״.
   - ז) יעי בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג יע ווי אין וואָרט ״יענער״ מיט אַ צוגאַב פון אַ י צו ענדע.
   - ח) יי בעצייכנען: ערשטענס, אַ צירה (..) אָדער דעמזעלבען קלאַנג ווי אין ״ריידען״; צווייטענס, דעמזעלבען קלאַנג ווי ײַ.
   - ט) אַי בעצייכענט דעמזעלבען קלאַנג ווי עס האָבען ײַ אין וואָרט ״זיין״.
   - י) ײ, ײַה און יה בעצייכנען די צוזאַמענגיסונג פון צוויי קלאַנגען י אָדער אַן אויסגעצויגענעם קלאַנג י.
5. אין דער אידישער אויסשפּראַך פון די קלאַנגען w, gu און qu ווערט אין דיזען ווערטערבוך צוגעגעבען אַ ה, אום צו בעצייכנען די אייגענאַרטיגקייט, מיט וועלכער דיזע קלאַנגען ווערען אַרויסגערעדט אין ענגליש.

פערקירצונגען און ראשי תבות:

אין אידיש.

א. ד. ג. ....און דאָסגלייכען.
א. ז. וו. ....און זאָ ווייטער.
איל. ....אילוסטראַציאָן.
ד. ה. ....דאָס הייסט.
ז. ....זעה.

אין ענגליש.

a. .... adjective
adv. .... adverb
c. .... conjunction
int. .... interjection
n. .... noun
pr. .... pronoun
prep. .... preposition
v. .... verb

LIST OF COLORED PLATES

Pages

BIRDS OF THE UNITED STATES.......................... (between) 126—127

DIAGRAM ILLUSTRATING THE PRIMARY COLORS AND THEIR COMBINATIONS OR TINTS...................... (facing) 250

NORTH AMERICAN FOOD AND GAME FISHES............ (facing) 504

NATIONAL FLAGS.. (between) 506—507

CULTIVATED FRUITS.................................... (between) 538—539

NORTH AMERICAN GAME BIRDS......................... (between) 548—549

GEMS .... (between) 556—557

GRASSES AND THEIR ALLIES........................... (between) 586—587

BLOODVESSELS OF THE HUMAN BODY................. (between) 656—657

BUTTERFLIES AND MOTHS................................ (facing) 904

SPECIMENS OF ORNAMENTAL ENAMELING.............. (facing) 972

A

A, a (איי) דער ערשטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

a *a. and prep.* (ע) א, איין; צו, אין; אויף.

A 1 (איי הוואן) ערשטע זארט; ערשטע קלאסע.

It was a first-class entertainment, it was **A1.**

aal *n.* (אהל) א מין ווארצעל צו פארבען רויט.

aam *n.* (אהם) אן אייל; אזא מאס אין האלאנד צו מעסטען אויל און וויין [אלס וויין מאס האלט זיא 41 ענגלישע גאלאן און אלס אויל-מאס—37].

aard'vark *n.* (ארד'-ווארק) דער ערד-שוויין [אין זיד-אפריקא].

Aardvark

aard'wolf *n.* (ארד'-הוואולף) דער ערד-וואלף [אזא זיד-אפריקאנישע חיה וועלכע איז עהנליך צו א היענע און שפייזט זיך מיט אינזעקטען].

Aardwolf

Aaron'ic *a.* (ע-ראנ'-איק) וואס איז שייך צו אהרן הכהן.

Aaron'ical *a.* (ע-ראנ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו די כהנים [וועלכע קימען ארויס פון אהרן הכהן].

Aar'on's-rod *n.* (ער'-אנז-ראד) אהרן'ס שטעקען [אזא ארנאמענט וואס בעשטעהט פון א שטעקען פון וועלכען עס שפראצען בלעטער פון ביידע ענדען, אדער א שטעקען ארום וועלכען עס איז ארומגעדרעהט א שלאנג].

Ab *n.* (עב) דער חודש אב.

A. B. (איי בי) די ראשי תבות פון די ווערטער *Artium Baccalaureus* א בילדונגס טיטול פאר סטודענטען וואס ענדיגען אן אוניווערזיטעט. ז. *bachelor of arts*

ab'aca *n.* (עב'-ע-קא) א מין פלאקס [וואס וואקסט אין אזיען].

ab'acist *n.* (עב'-ע-סיסט) א בעל-חשבון, א רעכנער.

aback' *adv.* (ע-בעק') 1. צוריק; ריקווערטס; צוריקגעטראטען; פון הינטען; פון ווייטען; 2. מיט דעם ווינד אנטקעגען [וועגען א שיף]; מיט די זעגעל אין דער ריכטונג פון ווינד; 3. מבולבל.

1. Eight days **aback.** 2. They lay the sails **aback.** 3. He was taken **aback** when he heard the remark.

abac'tio *n.* (ע-בעק'-שי-או) א מפיל דורך קינסטליכע מיטעל.

abac'tion *n.* (עב-עק'-שאן) דאס אוועקגנב'ענען פיעל בהמות מיט א מאל און זיי אוועקפיהרען.

In the cattle raising districts of the West, **abaction** is a crime severely punished.

abac'tor *n.* (עב-עק'-טאר) א פיה-גנב.

ab'acus *n.* (עב'-ע-קאס) 1. א רעכען-ברעט; א שפיעל-ברעט; 2. דער אויבערשטער טייל פון א זייל.

1. Abacus

2. Abacus

Abad'don *n.* (עב-עד'-אן) דער טייוועל; די העל [גיהנם].

abaft' *adv.* (ע-בעפט') אין דעם הינטער-טהייל פון א שיף; פון הינטען.

aba'lienate *v.* (עב-איי'-ליען-אייט) ענטפרעמדען; אבטרעטען, איבערטראגען דאס רעכט פון אייגענטהום פון איינעם צו אן אנדערן.

aba'lienated *a.* (עב-איי'-ליען-איי-טעד) ענטפרעמדעט, איבערגעטראגען צו אן אנדערען [וועגען אייגענטום]; צופוילט אדער אזוי שטארק בעשעדיגט, אז מען דארף עס אוועקשניידען [אין דער מעדיצין]; צומישט, געשטערט [אין שכל]; פערפוילט.

abaliena'tion *n.* (עב-איי-ליען-איי'-שאן) די איבערטראגונג; די אבטרעטונג; די ענטפרעמדונג; די איבערגעבונג פון אייגענטומסרעכט פון איינעם צום אנדערען.

abalo'ne *n.* (ע-בא-לאו'-ני) א מין פיש מיט א הארטער שאלעכץ; מייער קאפ.

Abalone

abamu'rus *n.* (עב-ע-מיו'-ראס) א פערפעסטיגונג, א צווייטע וואנד צו פערפעסטיגען.

aban'don *v.* (ע-בענ'-דאן) 1. פערלאזען; אוועקווארפען; 2. נאכגעבען; אויפגעבען; לאזען אין שטיך; לאזען געהן, לאזען געהן ווי עס געהט.

1. The sailors may **abandon** a sinking ship.

abandon' *n.* (ע-באנ-דאן') דאס פערלאזען; דאס אין שטיך לאזען; אויסגעלאסענהייט; דאס האלטען זיך פריי.

aban'doned *a.* (ע-בענ'-דאנד) 1. פערלאזען; אויפגעגעבען; אוועקגעווארפען; 2. אויסגעלאסען; איבערגעבען צו זינדיג.

1. The general **abandoned** his position.

aban'doner *n.* (ע בענ'-דאנ-ער) אן אוועקווארפער; א פערלאזער.

aban'doning *n. and a.* (ע-בענ'-דאנ-אינג) 1. דאס פערלאזען; אוועקווארפונג; 2. פערלאזענדיג.

1. The **abandoning** of the friends of youth is contemptible.

2. **Abandoning** all its supplies, the army retreated.

aban'donment *n.* (ע-בענ'-דאנ-מענט) דאס פערלאזען, דאס אויפגעבען, דאס אבטרעטען; דאס פיהרען אן אויסגעלאסענעם לעבען.

abarticula'tion *n.* (עב-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) לייכט בעוועגליכע גליעדער-געלענקען.

abase' *v.* (ע-בייס') 1. ערנידעריגען; אראבזעצען; אראבשלאגען פון מוטה; 2. ארונטערקוקען אויף איינעם מיט פעראכטענדע בליקען.

1. Her look **abases** me. 2. Will she **abase** me?

abased' *a.* (ע-בייסט') דערנידערט, אראבגעשלאגען פון מוטה.

abase'ment *n.* (ע-ביים' מענט) דערמוטיגונג; ערנידעריגונג; נידערשלאגענהייט.

abash' *v.* (ע-בעש') פערשעמען; אין פערלעגענהייט ברייגנען.

abashed' *a.* (ע-בעשט') פערשעהמט; איינגעשראקען, אין פערלעגענהייט.

abash'ing *a.* (ע-בעש'-אינג) פערשעמענדיג; שטעלענדיג אין פערלעגענהייט.

abash'ment *n.* (ע-בעש'-מענט) פערלעגענהייט; בעשטירצונג; פערשעמונג.

aba'table *a.* (ע-ביי'-טעבל) וואס מען קען ארונטעררייסען, אונגילטיג מאכען, צושטערען; אראבזעצען, אומשטויסען.

abate' *v.* (ע-בייט') 1. פערמינדערן; 2. שטילען; ערנידעריגען; אראבשלאגען פון מוטה; 3. ארונטערלאזען [פון פרייז]; אונגילטיג מאכען; מיט איינרעכט אוועקנעהמען.

1. The evils of bad government can be **abated.**

3. He will **abate** from his original demand.

aba'ted *a.* (ע-ביי'-טעד) אבגעהאקט [ווערט מייסטענס געברויכט אין שטיין-הויעריי].

abate'ment *n.* (ע-בייט'-מענט) פערמינדערונג; ראבאט; אראבלאזען פון פרייז; דעפיציט; שטערענדער אומשטאנד; גרינגשעצונג; די בעזיצנעהמונג פון א זאך, אויף וועלכע מען האט קיין רעכט ניט; דיא אונגילטיגמאכונג; קאסירונג פון א משפט, דיא בעזייטיגונג פון אן איבעל.

aba'ter *n.* (ע-ביי'-טער) א פערמינדערער; א פערמינדערונגס מיטעל; א מילדערונגס מיטעל.

ab'atis *n.* (עב'-ע-טיס) א באריקאדע פון בוימער מיט די שפיצען געגען פיינד; א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

aba'tor *n.* (ע-ביי'-טאר) א מענש וואס נעהמט עפעס צו מיט אונרעכט, אדער וואס ירש'ענט מיט אונרעכט.

ab'attis *n.* (עב'-ע-טיס) באריקאדע פון בוימער מיט דיא שפיצען געגען פיינד, א באריקאדע פון שטעכעדיגע דראט.

abattoir' *n.* (ע-בע-טו-אר') א שלאכט-הויז.

abb *n.* (עב) [גארען] אזא זארט פאדים בײם וועבען; אזא זארט וואלען-שטאף.

ab'ba *n.* (עב'-ע) א פאטער.

ab'bacy *n.* (עב'-ע-סי) די אמט פון אן אויפזעהער איבער א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

abba'tial *a.* (עב-איי'-שעל) וואס איז שייך צו אן אויפזעהער פון א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

ab'bé *n.* (עב'-איי) אן אויפזעהער, אדער א הויפט פון א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

ab'bess *n.* (עב'-עס) אן אויפזעהערין איבער א קלויסטער פון מאנאשקעס.

ab'bey *n.* (עב'-ע) א קלויסטער, א מאנאסטיר.

ab'bey-lout *n.* (עב'-ע-לאוט) א דומער יונג.

ab'bey-lub'ber *n.* (עב'-ע-לאב'-ער) א דיקער, פוילער מאנאך.

ab'bot *n.* (עב'-אט) א קלויסטער-אויפזעהער [א גייסטליכער וואס האט צו זאגען איבער א מאנאסטיר].

ab'bot-gen'eral *n.* (עב'-אט-דזשענ'-ע-רעל) דער הויפט-אויפזעהער פון די קלויסטערס אדער מאנאסטירען פון א מאנאכען ארדען.

ab'bot in commen'dam (עב'-אט אין קא-מענ'-דעם) א פריוואט פערזאן, וואס האט דעם טיטול פון א קלויסטער אויפזעהער.

ab'botship *n.* (עב'-אט-שיפ) דער אמט פון א קלויסטער אויפזעהער.

abbre'viate *v.* (ע-ברי'-ווי-אייט) אבקירצען; מאכען קירצער, שרייבען מיט ראשי תבות.

abbre'viated *a.* (ע-ברי'-ווי-איי-טעד) אבגעקירצט, געשריבען מיט ראשי תבות.

abbre'viately *adv.* (ע-ברי'-ווי-אייט-לי) אין קורצען.

abbre'viation *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-שאן) אבקירצונג; ראשי תבות.

N. Y. is an **abbreviation** of New York.

abbre'viator *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-טאר) אן אבקירצער [איינער וואס פערקירצט וואס אנדערע האבען געשריבען]; א שרייבער אין דעם פאפסט'ס קאנצעליאריע.

abbre'viatory *a.* (ע-ברי'-ווי-איי-טא-רי) אבקירצענדיג.

abbre'viature *n.* (ע-ברי'-ווי-איי-טשור) אבקירצונג, אבקירצונגס-צייכען.

abb'-wool *n.* (עב'-הוואול) אזא זארט דינער וואלען-שטאף.

a-b-c *n.* (איי-בי-סי) דאס א-בע-צע, אז בוקע.

ab'dicable *a.* (עב'-די-קעבל) וואס קען אבגעזאגט ווערען, וואס דארף אבדאנקען; וואס קען אראבגעזעצט ווערען.

ab'dicant *n.* (עב'-די-קענט) איינער וואס זאגט זיך אב פון אן אמט; א קעניג וואס זאגט זיך אב פון טראהן; איינער וואס פערשטויסט זיינע קינדער.

ab'dicate *v.* (עב'-די-קייט) אבזאגען; אבדאנקען: אויסשליסען [פון פאמיליע]; זיך צוריקציהען; רעזיגנירען.

Abdul-Hamid **abdicated** the throne of Turkey to his brother.

ab'dicated *a.* (עב'-די-קיי-טעד) אבגעדאנקט, אבגעזאגט זיך פון טראהן.

abdica'tion *n.* (עב-די-קיי'-שאן) ענטזאגונג; דאס אבזאגען זיך פון אן אמט, דאס אבזאגען זיך פון טראהן.

The **abdication** of the king of Servia pleased his subjects.

ab'dicative *a.* (עב'-די-קיי-טיוו) וואס פעראורזאכט דאס אבזאגען זיך אדער אבדאנקען פון אן אמט.

ab'dicator *n.* (עב'-די-קיי-טאר) איינער וואס זאגט זיך אב; איינער וואס דאנקט אב פון אן אמט.

abdo'men *n.* (עב-דאו'-מען) דאס אונטערלייב, בויך.

abdom'inal *a.* (עב-דאמ'-אי-נעל) וואס געהערט צום אונטערלייב; וואס געהערט צום בויך.

abdom'inal aor'ta (עב-דאמ'-אי-נעל איי-אר'-טא) דער גרויסער פולס-אדער וואס געהט דורך'ן בויך און פערצווייגט זיך אין צווי קלענערע פולס-אדערען, וועלכע געהען אריין אין די פיס. ז. איל. "*Bloodvessels of the Human Body*"

Abdomina'les *n.* (עב-דאמ-אי-ניי'-ליז) פיש מיט פלוספעדערען אויפ'ן בויך.

abdom'inally *adv.* (עב-דאמ'-אי-נעל-אי) אויף אדער ארום דעם בויך.

abdom'inal re'gions (עב-דאמ'-אי-נעל רי'-דזשאנז) די בויך-געגענדען [די פערשיעדענע טיילען פון בויך ווי זיי ווערען איינגעטיילט אין דער אנאטאמיע].



Abdominal Regions

abdom'inal respira'tion (עב-דאמ'-אי-נעל רעס-פי-ריי'-שאן) א טיעפעס אטהעמען, ביי וועלכען עס בעמערקט זיך א בעוועגונג פון בויך.

abdom'inal ring (עב-דאמ'-אי-נעל רינג) אן אינערליכע עפענונג אין דער בויך וואנד נעבען דיך [ירך], וואו דיא געשלעכטליכע טיילען געהען דורך.

abdom'inous *a.* (עב-דאמ'-אי-נאס) וואס אז שייך צום אונטער-לייב, צום בויך; א דיק-בייכיגער.

abdu'cent *a.* (עב-דיו'-סענט) אבציהענדיג [א מעדיצינישער אויסדרוק].

Abducent muscles.

abduct' *v.* (עב-דאקט') אבציהען, אבווענדען; אוועקפיהרען א מענשען מיט געוואלד; אוועקרויבען א מענשען.

abduc'tion *n.* (עב-דאק'-שאן) דאס אוועקרויבען א מענשען; א ביין-ברוך אין געלענק, די טהעטיגקייט פון די אבציהענדע מוסקעלען; די פאדערונג פון אן אנדער בעוויז.

abduc'tor *n.* (עב-דאק'-טאר) דער אבציה-מוסקעל; דער אוועקפיהרער, דער אוועקרויבער.

abeam' *adv.* (ע-ביעמ') קווער, פאפעריק [ביי שיפען].

abear' *v.* (ע-בעהר') אריבערטראגען; דולדען.

abeceda'rian *n.* (איי-בי-סי-דיי'-רי-ען) אן אלף-בית מלמד, א מקרי דרדקי; אן אלף-בית אינגעל; אן אלף-בית, אן א-בע-צע.

abed' *adv.* (ע-בעד') אין בעט, צו בעט.

To be **abed** early, makes one rise betimes.

abele' *n.* (ע-ביל') דער ווייספאפעל [אזא בוים וואס האט ווייסע בלעטער און צווייגען].

a'belmosk *n.* (איי'-בעל-מאסק) ביזעם-קערנער, ביזעמבוים [א קליין בוימעל מיט בעשטענדיג גרינע בלעטער. אויף איהם וואקסען אזעלכע שמעקעדיגע קערנער, וואס ווערען געברויכט אין פארפיום].

a'bel-tree *n.* (איי'-ביל-טרי) ווייספאפעל [אזא בוים, וואס האט ווייסע בלעטער און צווייגען].

aber'devine *n.* (ע-בויר'-דע-וואין) דער משיזשיק [אזא קליין פויגעלע].

Aberdevine

aberr' *v.* (עב-אויר') ארומוואנדערען, בלאנדזשען.

aber'rance *n.* (עב-ער'-ענס) אן אירטום, א טעות; דאס בלאנדזשען, דאס אראבגעהן פון דרך הישר.

aber'rancy *n.* (עב-ער'-ענ-סי) אן אירטום, א טעות; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס בלאנדזשען.

aber'rant *a.* (עב-ער'-ענט) אבווייכענדיג, בלאנדזשענדיג; וואס בלאנדזשעט, וואס געהט אראב פון דרך הישר, נישט נארמאל.

aber'rate *v.* (עב-ער'-אייט) וואנדערען, בלאנדזשען; אראבגעהן פון גלייכען וועג.

aberra'tion *n.* (עב-ער-איי'-שאן) 1. דאס בלאנדזשען, דאס אראבגעהן פון דרך הישר; די אבווייכונג פון אמת אדער פון דער נאטירליכקייט; 2. די שיינבארע בעוועגונג פון די אונבעוועגליכע הימעלסקערפער; 3. די צושפרייטונג פון די ליכט-שטראהלען אין א שפאקטיוו.

1. He suffered from an **aberration** of the mind.

aberra'tional *a.* (עב-ע-ריי'-שאנ-על) וואס בלאנדזשעט, וואס אירט זיך.

aberra'tion of in'tellect (עב-ער-איי'-שאן אוו אינ'-טע-לעקט) אירזין, משוגעת.

aberun'cator *n.* (עב-אויר-אנ'-קיי-טאר) אזא גראב-אייזען צום אויסראטען גראז פון אן ארט; אזא גארטען-שער אבצושערען צווייגען פון בוימער.

abet' *v.* (ע-בעט') אנהעצען; אנרייצען, ערמוטיגען צו טהאן עפעס שלעכטס.

He was aided and **abetted** in the crime.

abet'ment *n.* (ע-בעט'-מענט) דאס צוהעלפען; די אנצייגונג; דאס העצען; ערמוטיגונג, אונטערשטיצונג; לייסטונג.

abet'ting *n. and a.* (ע-בעט'-אינג) 1. דאס צוהעלפען, די אנרייצונג, דאס העצען; 2. צוהעלפענדיג, אנרייצענדיג, אנהעצענדיג.

1. Aiding and **abetting** criminals is punished as a crime. 2. Corrupt officials are often **abetting** criminals.

abet'tor *n.* (ע-בעט'-אר) אנרייצער:

מיט־שולדיגער [אין ראטה, ניט אין טהאט]; אונטערשטיצער; איינער וואס ערמוטיגט צו בעגעהן א פערברעכען.

abevacua'tion *n.* (עב-ע-ווע-קיו-איי'-שאן) טיילווייזע אויסלעדיגונג [מעדיצינישער אויסדרוק].

ab ex'tra (עב עקס'-טרא) פון אויסווענינ.

abey'ance *n.* (ע-ביי'-ענס) 1. די געריכטליכע אבהאלטונג פון א ירושה ביז מען געפינט דעם ריכטיגען יורש; אבוואר־טונג; 2. אונגעוויסהייט, צווייפעל, דאס צווייפלען פון א ריכטער ווי ארויסצוגעבען זיין אורטייל.

2. The decision of the judge is still in **abeyance**.

abhor' *v.* (עב-האר') פעראבשייען, האסען; מיט פעראכטונג ענטזאגען.

The modern age **abhors** war.

abhor'rence *n.* (עב-האר'-ענס) פעראבשייאונג, האס; פעראכטונג.

We look with **abhorrence** at a murderer.

abhor'rency *n.* (עב-האר'-ענ-סי) פעראבשייאונג, פעראכטונג.

abhor'rent *a.* (עב-האר'-ענט) פעראבשייענד, האסענד.

abhor'rently *adv.* (עב-האר'-ענט-לי) אבשייליך, עקעלדיג.

abhor'rer *n.* (עב-האר'-ער) א פעראבשייער, א פעראכטער.

abhor'rible *a.* (עב-האר'-איבל) פעראכטונגסווערטה.

abhor'ring *n. and a.* (עב-האר'-אינג) די פעראכטונג, די פעראבשייאונג; פעראכטענדיג.

abide' *v.* (ע-באיד') 1. ווארטען; אבשטעלען [אבלעגען אויף שפעטער]; פערבלייבען [אויף א פלאץ]; וואהנען; אויסווארטען; 2. האלטען א פערשפרעכען.

1. Let the lady **abide** with us a few days.
2. I shall **abide** by my promise.

abi'der *n.* (ע-באי'-דער) דער בלייבענדער, דער אויסווארטענדער.

abi'ding *a.* (ע-באי'-דינג) 1. וואהנענד, פערבלייבענד; 2. פארטזעצענד.

1. I am **abiding** in this place. 2. My interest in studies is **abiding**.

abi'dingly *adv.* (ע-באי'-דינג-לי) בלייבענדיג, דויערענדיג, וואהנענדיג.

abi'ding-place *n.* (ע-באי'-דינג-פליים) וואהנונגס־ארט; אויפהאלטונגס־פלאץ.

abiet'ic *a.* (עב-אי-עט'-איק) וואס איז שייך צו א טאנענבוים.

abiet'ic ac'id (עב-אי-עט'-איק עס'-איד) א זויערע געמאכט פון דעם פעך, וואס רינט פון טאנענבוימער.

ab'igail *n.* (עב'-אי-גייל) אן אויפוועקטערין; א קאמער־מערכען.

abil'ity *n.* (ע-ביל'-אי-טי) 1. מיטעל; מעגליכקייט; פעהיגקייט; אייגענשאפט; 2. טאלאנט; דאס אימשטאנד זיין אויסצופיהרען א גרויסע אונטערנעהמונג.

1. His financial **ability** is good. 2. He is a man of **ability**.

ab init'io (עב אי-ניש'-אי-או) פון אנהויב.

abintes'tate *a.* (עב-אינ-טעס'-טייט) שטארבענדיג אהן א צוואה.

ab in'tra (עב אינ'-טרא) פון אינווענינ.

abiogen'esis *n.* (עב-אי-או-דזשענ'-ע-סיס) דאס ענטשטעהן, בעשאפען ווערען פון זיך אליין [דאס ענטשטעהן פון לעבען פון ניט לעבעדיגע שטאף].

abiolog'ical *a.* (עב-אי-א-לאדזש'-איק-על) וואס איז שייך צו שטאף, וואס קומט ניט פון לעבעדיגע בעשעפענישען.

ab'ject *a.* (עב'-דזשעקט) געמיין, נידעריג, אונטערטעניג, פערעכטליך, נידערטרעכטיג, פערווארפען, אונטערוווארפען

Benedict Arnold ended his days in **abject** poverty.

abject'edness *n.* (עב-דזשעקט'-עד-נעס) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט; ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

abjec'tion *n.* (עב-דזשעק'-שאן) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט, ערנידערונג, אונטערטעניגקייט.

ab'jectly *adv.* (עב'-דזשעקט-לי) נידערטרעכטיג, פערעכטליך, געמיין, פערווארפען.

attitu'dinize *v.* (עט-אי-טיו'-די-נאיז) אננעהמען א טעאטראלישע האלטונג; עלעגאנט, טעאטראליש ריידען.

attitu'dinizer *n.* (עט-אי-טיו'-די-נאי-זער) איינער וואס רעדט טעאטראליש אדער האט א טעאטראלישע האלטונג; איינער וואס אפעקטירט אדער מאכט אן אנשטעל.

at'tle *n.* (עטל) ז. *attal*.

attol'lens *n.* (ע-טאל'-ענז) דער הויב=מוסקול.

attol'lent *n. and a.* (ע-טאל'-ענט) אויפהויבענדיג; דער הויב=מוסקול.

attone' *adv.* (ע-טאון') ז. *atone*.

at tongue's end (עט טאנגז ענד) אויף'ן שפיץ צונג.

attorn' *v.* (ע-טוירן') אנערקענען א נייען פריץ, איבערגעבען א נייען פריץ; איבערגעבען עפעס צו אן אנדערען.

attor'ney *n.* (ע-טויר'-ני) אדוואקאט; אגענט; נאטאריוס; בעפאלמעכטיגטער, פערוואלטער.

attor'ney at large (ע-טויר'-ני עט לארדזש) אן אדוואקאט, וועלכער האט א צוטריט צו אלע געריכטען.

attor'ney-gen'eral *n.* (ע-טויר'-ני דזשענ'-ע-רעל) דער פראקוראר [דער אדוואקאט וואס איז אנגעשטעלט צו פערטרעטען די אינטערעסען פון דער שטאאטס=רעגיערונג].

attor'ney-gen'eralship *n.* (ע-טויר'-ני=דזשענ'-ע-רעל-שיפ) דער אמט פון א פראקוראר. ז. *attorney-general*.

attor'neyship *n.* (ע-טויר'-ני-שיפ) אדוואקאטור, אמט פון אן אדוואקאט; דאס אמט פון א בעפאלמעכטיגטען ארער אגענט; די צייט פון א בעפאלמעכטיגונג.

attorn'ment *n.* (ע-טוירנ'-מענט) די איבערגעבונג פון א גוט צו א נייען פריץ; די אנערקענונג פון א נייען פריץ.

attract' *v.* (ע-טרעקט') צוציהען, זיין רייצענד אדער אנציהענד.

Being tall and handsome he **attracts** attention wherever he goes.

attractabil'ity *n.* (ע-טרעק-טע-ביל'-אי-טי) די צוציהונגס=קראפט.

attrac'table *a.* (ע-טרעק'-טעבל) צוציהענד, רייצענד.

attrac'tableness *n.* (ע-טרעק'-טעבל-נעס) ז. *attractability*.

attrac'ter *n.* (ע-טרעק'-טער) דאס וואס ציהט צו.

attrac'tical *a.* (ע-טרעק'-טי-קעל) צוציהענד.

attrac'tile *a.* (ע-טרעק'-טיל) אנציהענד, צוציהענד; רייצענד.

attrac'tingly *adv.* (ע טרעק'-טינג-לי) דורך אנציהונג; אז עס זאל אנציהען.

attrac'tion *n.* (ע-טרעק'-שאן) צוציהונג; אנציהונגס=קראפט, דער רייץ.

attrac'tionally *adv.* (ע טרעק'-שאנ-על-אי) דורך אנציהונגס=מיטעל.

attrac'tive *a.* (ע-טרעק'-טיוו) אנציהענד, צוציהענד; רייצענד.

attrac'tively *adv.* (ע-טרעק'-טיוו'לי) דורך צוציהונג; אויף א רייצענדען אופן.

attrac'tiveness *n.* (ע-טרעק'-טיוו-נעס) צוציהונגס=קראפט; רייץ.

at'trahent *a. and n.* (עט'-רע-הענט) אנציהענד; אן אנציהענדער פלאסטער [פאר א וואונד].

attrib'utable *a.* (ע-טריב'-יו-טעבל) וואס מען קען צואייגנען, צולעגען [צו אימעצען]; וואס מען קען צורעכענען [צו אימעצען].

at'tribute *n.* (עט'-ריב-יוט) דאס אטריבוט; די צוגעשריבענע אדער בייגעלעגטע אייגענשאפט; כאראקטעריסטישער סמן; קענצייכען; גרונד=אייגענשאפט.

attrib'ute *v.* (ע-טריב'-יוט) צושרייבען, אדער צורעכענען עפעס צו איכעצען.

He **attributes** the authorship of this book to me.

attribu'tion *n.* (עט-רי-ביו'-שאן) די צוגעשריבענע אייגענשאפט; די צורעכענונג.

attrib'utive *n. and a.* (ע-טריב'-יו-טיוו) אטריבוטיוו [אין גראמאטיק — א ווארט, וואס בעצייכענט אן אייגענשאפט]; אייגענשאפטליך; צושרייבענד, צורעכענענדיג [עפעס צו אימעצען].

attrib'utively *adv.* (ע-טריב'-יו-טיוו-לי) אין צושרייבען די גרונד=אייגענשאפטען אדער אומשטענדען צו עפעס; אלס אן אטריבוט [אלס א ווארט וואס בעצייכענט אן אייגענשאפט — אין גראמאטיק].

attrite' *a.* (ע-טראיט') אבגעריבען; אבגעניצט; וואס טהוט תשובה אויף זיינד מחמת מורא [ניט קיין פאלקאמענע תשובה]; האבענדיג הארץ שרעקעניש פאר בעגאנגענע זינד.

attrite'ness *n.* (ע-טראיט'-נעס) אבגעריבענקייט, אבגעניצטקייט; הארץ=שרעקעניש פאר בעגאנגענע זינד; תשובה מחמת מורא.

attri'tion *n.* (ע-טריש'-אן) ז. *attriteness*.

attune' *v. and n.* (ע-טיון') איינשטעלען דעם טאן; איינארדנען [א מוזיקאלישען אינסטרומענט]; בריינגען אין אנקלאנג: מאכען עס זאל קלינגען הארמאניש; די הארמאניע.

at war (עט הוואהר) אין קריעג.

atwirl' *a.* (ע-טהווארל') זיך דרעהענדיג.

atwist' *a.* (ע-טהוויסט') פערפלאנטערט.

at wit's end (עט הוויטס ענד) ניט וויסען זיך קיין עצה צו געבען.

at work (עט הוואירק) ביי דער ארבייט.

at your command' (עט יור קא-מענד') אויף אייער בעפעהל.

at your pleas'ure (עט יור פלעזש'-אור) וויא איהר ווילט.

at your ser'vice (עט יור סויר'-וויס) גרייט צו אייער דיענסט; גרייט צו טהאן אייער בעפעהל.

atyp'ic *a.* (ע-טיפ'-איק) אונרעגעלמעסיג, ניט טיפיש, וואס האט ניט דעם כאראקטעריסטישען טיפ.

atyp'ical *a.* (ע-טיפ'-אי-קעל) ז. *atypic*.

atyp'ically *adv.* (ע-טיפ'-אי-קעל-אי) אויף אן אונרעגעלמעסיגען אופן; אויף א ניט טיפישען אופן.

au'burn *a. and n.* (אה'-בוירן) דונקעל=ברוין; קאשטאניען=ברוין; קאשטאניען=ברוינער קאליר.

auc'tion *n. and v.* (אהק'-שאן) אויקציאן, עפענטליכע פערשטייגערונג; ליציטאציע; פערשטייגערען.

auc'tionary *a.* (אהק'-שאנ-ע-רי) וואס געהערט צו אן אויקציאן, צו א ליציטאציע.

auctioneer' *n.* (אהק-שאנ-איער') אויקציאנאטאר, פערשטייגערער.

auda'cious *a.* (אה-דיי'-שאס) דרייסט; פרעך; אונפערשעמט; פריי, אפען.

auda'ciously *adv.* (אה-דיי'-שאס-לי) אויף א פרעכען אדער אונפערשעמטען אופן; מיט דרייסטקייט.

auda'ciousness *n.* (אה-דיי'-שאס-נעס) דרייסטיגקייט; פרעכהייט, אונפערשעמטהייט.

audac'ity *n.* (אה-דעס'-אי-טי) ז. *audaciousness*.

audibil'ity *n.* (אה-די-ביל'-אי-טי) הערבארקייט; די מעגליכקייט געהערט צו ווערען.

au'dible *a.* (אה'-דיבל) הערבאר, וואס מען קען הערען; לויט [הויך].

au'dibleness *n.* (אה'-דיבל-נעס) הערבארקייט; דאס קענען געהערט ווערען.

au'dibly *adv.* (אה'-די-בלי) אויף א הערבארען אופן.

au'dience *n.* (אה'-די-ענס) אויסהערונג; א פערזאמלונג פון צוהערער; דאס פובליקום; צולאז צו אן אויסהער; אודיענץ [פון הויכגעשטעלטע פערזאנען].

au'dience-cham'ber *n.* (אה'-די-ענס-טשיימ'-בער) אודיענץ=זאל [דער זאל וואו מען ווערט אויפגענומען צו אן אודיענץ].

au'dience-court *n.* (אה'-די-ענס=קאורט) דאס גייסטליכע אויבערגעריכט [פון ערץ=בישאף].

au'dience-room *n.* (אה'-די-ענס=רוהם) ז. *audience-chamber*.

au'dient *a. and n.* (אה'-די-ענט) צוהערענדיג, איינהערענדיג; א צוהערער; איינער וואס איז אויף פראבע פאר'ן שמד.

audiom'eter *n.* (אה-די-אמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם כח השמיעה פון א מענשען.

audiomet'ric *a.* (אה-די-א-מעט'-ריק) וואס מעסט דעם חוש השמיעה.

audiom'etry *n.* (אה-די-אמ'-ע-טרי) די מעסטונג פון חוש השמיעה.

au'diphone *n.* (אה'-די-פאון) אזא אינסטרומענט וואס גיט א טויבען די מעגליכקייט צו הערען.

au'dit *n. and v.* (אה'-דיט) פערהער; אונטערזוכונג; אונטערזוכונג פון רעכנונגען; רעווידירען רעכנונגען; פערהערען, אונטערזוכען.

au'dit-day *n.* (אה'-דיט-דיי) דער טאג פון אברעכנונג; דער צאהל=טאג.

au'dit-house *n.* (אה'-דיט=האוס) געשעפטס=צימער ביי גרויסע קירכען.

audi'tion *n.* (אה-דיש'-אן) דאס הערען.

au'ditive *a.* (אה'-די-טיוו) וואס בעלאנגט צום חוש השמיעה.

au'dit-of'fice *n.* (אה'-דיט=אפ'-איס) די אויבער=רעכנונגס=קאמער [פון א געשעפטס=פירמא, אדער פון דער רעגירונג].

au'ditor *n.* (אה'-די-טאר) א צוהערער; א רעכנונגס=רעוויזאר [רואה חשבון].

audito'rium *n.* (אה-די-טאו'-רי-אם)

אוידיטאריום [צוהערער=זאל]; פערזאמלונגס זאל; עמפפאנגס=צימער.

au'ditorship *n.* (אה'-די-טאר-שיפ) דער אמט פון א רעכנונגס=רעוויזאר [רואה חשבון].

au'ditory *n. and a.* (אה'-די-טא-רי) הערענדיג; וואס בעטרעפט דעם געהער [חוש השמיעה]; אוידיטאריום, א צוהערער=זאל; א פערזאמלונגס=זאל; וואס איז שייך צו אן אוידיטאריום.

au'ditory nerve (אה'-די-טא-רי נוירוו) געהער=נערוו.

au'ditress *n.* (אה'-די-טרעס) א צוהערעריז.

au'dit-room *n.* (אה'-דיט=רוהם) ז. *audit-house*.

Auge'an *a.* (אה-דזשי'-ען) וואס איז שייך צו דעם גריכישען קעניג אויגיאס אין אלטען גריכענלאנד אדער צו זיינע שטאלען אין וועלכע עס זיינען, לויט דער גריכישער לעגענדע, געשטאנען 3 טויזענד אקסען און מען האט זיי 30 יאהר ניט גערייניגט; זעהר פערנאכלעסיגט; שמוציג.

au'ger *n.* (אה'-גער) א גרויסער עגבער, א דריל.

au'ger-shell *n.* (אה'-גער-שעל) שרויבענשנעקע [א ווייך שליימיג חיה'לע וואס דרעהט זיך איין אין א מושעל אזוי ווי א שרויף].

aught *n. and pr.* (אהט) עפעס, וואסעכ=איז.

au'gite *n.* (אה'-דזשאיט) דער אוגיט [אזא שטיין].

augit'ic *a.* (אה-דזשיט'-איק) וואס ענטהאלט אוגיט.

augment' *v.* (אהג-מענט') פערמעהרען, פערגרעסערען; פערשטארקערען; אין גראמאטיק — צוגעבען אן אויגמענט [א צוזאץ=זילבע אין אנפאנג פון א צייט=ווארט, ווי "גע" אין "געלעזען"].

By judicious investment he **augmented** his fortune.

aug'ment *n.* (אהג'-מענט) אין גראמאטיק — אן אויגמענט [א צוזאץ=זילבע אין אנפאנג פון א צייטווארט, ווי "גע" אין "געלעזען"].

augmen'table *a.* (אהג-מענ'-טעבל) פערמעהרבאר; וואס קען פערגרעסערט ווערען.

augmenta'tion *n.* (אהג-מענ-טיי'-שאן) פערגרעסערונג; פערמעהרונג; צונאהמע; צוזאץ; שטייגערונג; דאס שטייגען [פון פרייז]; אויגמענטאציאן [די שטייגערונג פון טאן אין א וואקאלישען אקארד].

augmen'tative *a. and n.* (אהג-מענ'-טע-טיוו) פערמעהרענדיג; פערגרעסערענדיג; פערשטארקענדיג; שטייגערענדיג; שטייגערענדיג די קראפט פון אן אויסדרוק [אין גראמאטיק]; א ווארט וואס פערשטארקט דעם אויסדרוק פון אן אידעע.

augmen'tatively *adv.* (אהג-מענ'-טע-טיוו-לי) אויף דעם אופן פון שטייגערען; פערגרעסערענדיג; פערשטארקענדיג.

augmen'ter *n.* (אהג-מענ'-טער) דער פערגרעסערער, פערמעהרער.

augmen'tive *a.* (אהג-מענ'-טיוו) ז. *augmentative*.

Augs'burg Confes'sion (אהגס'-בורג קאנ-פעש'-אן) די פראטעסטאנטישע עקרים פון קריסטליכען גלויבען, אנגענומען אין אויגסבורג פון די פראטעסטאנטען אין יאהר 1530.

au'gur *n. and v.* (אה'-גויר) אין אלטען רוים — אן אוגור, א וואהרזאגער, טרעפער, נביא; פארויסזאגען, טרעפען, נביאות זאגען; דיענען אלס צייכען אדער פארויסזאגונג.

au'gural *a.* (אה'-גיו-רעל) טרעפענדיג אין פארויס; נביאות זאגענדיג; וואס בעלאנגט צו וואהרזאגונג.

au'gurate *v. and n.* (אה'-גיו-רייט) וואהרזאגען; טרעפען; נביאות זאגען [פון פערשיעדענע צייכען]; דאס אמט פון אן אוגור. ז. *augur*.

au'gurial *a.* (אה'-גיו-רי-על) ז. *augural*.

au'gury *n.* (אה'-גיו-רי) וואהרזאגונג, טרעפונג; נביאות זאגעריי [לויט פערשיעדענע צייכען]; א צייכען; דאס, לויט וואס מען זאגט פארויס.

Au'gust *n.* (אה'-גאסט) דער מאנאט אויגוסט.

august' *a.* (אה-גאסט') הויך, ערהאבען, הערליך.

Au'gustin *a.* (אה'-גאס-טין) אויגוסטינער [א מאנאך פון א געוויסען ארדען, געגרינדעט פון דעם הייליגען אויגוסטין].

Au'gustine *n.* (אה'-גאס-טין) ז. *Augustin*.

Augustin'ian *a. and n.* (אה-גאס-טינ'-אי-ען) אן אויגוסטינער; וואס איז שייך צו די אויגוסטינער. ז. *Augustin*.

august'ly *adv.* (אה-גאסט'-לי) ערהאבען, הערליך; מאיעסטעטיש.

august'ness *n.* (אה-גאסט'-נעס) הויכקייט, ערהאבענהייט, הערליכקייט.

auk *n.* (אהק) דער פאפוגאי=טויכער [אזא ים פויגעל אין די ווארימע לענדער].

Auk

au'la *n.* (אה'-לא) הויף; זאל; פעסטזאל [אין אן אוניווערזיטעט].

aula'rian *a. and n.* (אה-ליי'-רי-ען) וואס איז שייך צו א פעסט=זאל אין אן אוניווערזיטעט; א מיטגליעד פון א פראפעסארען=קאלעגיום אין אן ענגלישען אוניווערזיטעט.

aulet'ic *a.* (אה-לעט'-איק) וואס איז שייך צו דעם שפיעלען פון א פלייט אדער א פייפעל.

au'lic *a.* (אה'-ליק) וואס געהערט צום קעניגליכען הויף.

Au'lic Coun'cil (אה'-ליק קאונ'-סיל) דער קייזערליכער הויפראט אמאל אין דייטשלאנד; דער עסטרייכישער שטאאטענראט.

aum *n.* (אהם) ז. *aam*.

au'mil *n.* (אה'-מיל) אן אינדישער שטייער=בעאמטער.

aune *n.* (און) אייל, עלע [אלטע פראנצויזישע לענגען=מאס]; ארשין [רוסישע לענגען=מאס].

aunt *n.* (אנט) מומע, טאנטע; עלטערע פרוי; אלטע נעגעריז; שדכנ'טע; א שפיעל אין ווארפען שטעקלעך.

aun'tie *n.* (אנ'-טיע) ז. *aunt*.

aun'ty *n.* (אנ'-טיע) ז. *aunt*.

au'ra *n.* (אה'-רא) הויך, דופט [פון קערפער]; אטמאספערע, לופט; דאס מאגנעטישע מעדיום וואס רינגעלט ארום, ווי די היפנאטיסטען בעהויפטען, יעדען מענשליכען קערפער.

au'ral *a.* (אה'-רעל) וואס בעלאנגט צו די אויערען אדער צום געהער [חוש השמיעה].

au'ral nerve (אה'-רעל נוירוו) דער אויערען נערוו.

au'ral sur'geon (אה'-רעל סויר'-דזשאן) אן אויערען כירורג.

au'rate *a. and n.* (אה'-רייט) וואס האט אויערען; וואס איז עהנליך צו אן אויער; גאלדען, געגילט; א מין בארנע.

au'reate *a.* (אה'-רי-אייט) אבגעגילט; ווי גאלד, גאלדען.

aure'lia *n.* (אה-רי'-לי-ע) די פופע [דער רוהע=צושטאנד פון אן אינזעקט, וועלכער שפינט זיך ארום מיט געוועב און ליעגט ווי טוידט א געוויסע צייט, מייסטענס איבער ווינטער]; אזא מין דורכזיכטיגער פיש, וואס זיין קערפער איז ווי פון פוטשא [סטודען].

aure'lian *a.* (אה-רי'-לי-ען) וואס געהערט צו א פופע. ז. *aurelia*.

au'reole *n. and v.* (אה'-רי-אול) דער שטראהלען=קרוין ארום דער זון; אן עיגול פון שטראהלען ארום א זאך [ווי דער שטראהלען קרוין ארום דעם קאפ פון א הייליגען, לויט ווי עס ווערט געמאהלען אויף בילדער]; ארומרינגלען מיט א שטראהלען=קרוין.

au'reous *a.* (אה'-רי-אס) פון גאלדענעם קאליר; א גאלדענער.

au revoir' (או רע-וואהר') צום וויעדערזעהן.

au'ric *a.* (אה'-ריק) וואס בעלאנגט צו גאלד אדער וואס האט אין זיך גאלד; וואס איז שייך צום דופט פון קערפער. ז. *aura*.

au'ric ac'id (אה'-ריק עס'-איד) גאלד=זויערע [א כעמישער שטאף].

au'ricle *n.* (אה'-ריקל) דער אויסערער טייל פון אויער; עטוואס וואס איז עהנליך צו אן אויער; אן אויער=רעהר [פארטויבע]; דער אויבערשטער דינערער טייל פון הארץ וואס האט די פארם פון אן אויער [אזעלכע טיילען זיינען פאראן 2, א רעכטער און א לינקער].
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

au'ricled *a.* (אה'-ריקלד) ז. *auriculate*.

auric'ula *n.* (אה-ריק'-יו-לע) דאס בערען=אויערעל [א מין פלאנצע], א גארטען ראזע; די אויערעל=שנעקע [אזא חיה'לע].

auric'ular *a.* (אה-ריק'-יו-לער) וואס געהערט צום אויער; וואס איז עהנליך צו אן אויער; הערבאר; געהיים.

auric'ular append'age (אה-ריק'-יו-לער ע-פענד'-איידזש) אן ארויסשטארצונג פון דעם אויבערשטען טייל פון הארץ, וואס האט די פארם פון אן אויערעל.
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

auric'ular confes'sion (אה-ריק'-יו-לער קאנ-פעש'-אן) די געהיימע ודוי פאר'ן גלח [ביי די קאטוילִיקען].

auric'ular tradi'tion (אה-ריק'-יו-לער טרע-דיש'-אן) תורה שבעל פה; א זאגע וואס געהט איבער בקבלה.

auric'ular tube (אה-ריק'-יו-לער טיוב) דאס הער=ראהר [אין אויער].

auric'ulate *a.* (אה-ריק'-יו-לייט) וואס הענגט אראב ווי אויערן; עהנליך צו אן אויער.

auric'ulated *a.* (אה-ריק'- יו-ליי-טעד) ז. *auriculate*.

aurif'erous *a.* (אה ריפ'-ער-אס) וואס איז רייך אין גאלד; וואס גיט ארויס גאלד.

au'riflamme *n.* (אה'-רי-פלעם) די אמאליגע קעניגליכע פאהן אין פראנקרייך.

au'riform *a.* (אה'-רי-פארם) עהנליך צו אן אויער.

Auri'ga *n.* (אה-ראי'-גע) דער פוהרמאן [א נאמען פון א געוויסע צוזאמענשטעלונג פון שטערען].

auri'gal *a.* (אה-ראי'-געל) וואס געהערט צו א וואגען.

auriga'tion *n.* (אה-רי-גיי'-שאן) דאס טרייבען א וואגען.

aurig'erous *a.* (אה-רידזש'-ע-ראס) וואס גיט ארויס גאלד.

aurig'raphy *n.* (אה-ריג'-רע-פי) די קונסט צו שרייבען מיט גאלדענע אותיות.

auripigmen'tum *n.* (אה-רי-פיג-מענ' טאם) אפערמענט [אזא מינעראל, וואס ענטהאלט ארזעניק].

au'ris *n.* (אה'-רים) אן אויער.

au'riscalp *n.* (אה'-רי-סקעלפ) אויער=לעפעלע [צום רייניגען די אויערען]; א כירורגישער אויער=אינסטרומענט.

au'riscope *n.* (אה'-רי-סקאופ) אוירים=קאפ [אן אינסטרומענט געברויכט אין דער מעדיצין צום עקזאמענירען דעם אויער].

auris'copy *n.* (אה-רים'-קא-פי) די אונטערזוכונג פון דעם אויער מיט אן אוירים=קאפ.

au'rist *n.* (אה'-ריסט) אן אויערען דאקטאר.

au'rited *a.* (אה'-רי-טעד) וואס האט דאס אויסזעהען פון אן אויער.

au'rochs *n.* (אה'-ראקס) אן אויער=אקס.

Aurochs

Auro'ra *n.* (אה-ראו'-רע) אויראָרא [די געטין פון דער מארגען=רויט ביי די אלטע רוימער].

auro'ra *n.* (אה-ראו'-רע) מארגענשטערן, מארגענרויט.

auro'ra austra'lis (אה-ראו'-רע אס-טריי' לים) דאס זיד=ליכט. ז. *aurora borealis*.

auro'ra borea'lis (אה-ראו'-רע באו-רע-איי'-לים) דאס נארד=ליכט [א געוויסע וואונדערשעהנע נאטור ערשיינונג פון קאלירטע ליכט=שטראהלען אין די געגענדען פון נארד=פאל].

auro'ral *a.* (אה-ראו'-רעל) וואס אנבעלאנגט אדער איז עהנליך צו דער מארגענרויט.

au'rum *n.* (אה'-ראם) גאלד [דאס ריינע גאלד אלס כעמישער עלעמענט].

aus'cultate *v.* (אהס'-קאל-טייט) עקזאמינירען א קראנקען דורך אויסהערען איהם מיט'ן אויער.

ausculta'tion *n.* (אהס-קאל-טיי'-שאן) דאס איינהערען זיך.

aus'picate *v.* (אהס'-פי-קייט) פאראויסזאגען גליק; אונטערנעהמען עטוואס אונטער גינסטיגע פאראויסזאגונגען; אנפאנגען.

aus'pices *n.* (אהס'-פי-סען) 1. נביאות=זאגעריי פון דעם פליהען פון דעם פויגעל, אדער פון אנדערע נאטור ערשיינונגען; פארבעדייטונג; שוץ, אויפזיכט; 2. אויםזיכט.

2. The publication of this dictionary was begun under favorable **auspices.**

auspi'cial *a.* (אהס-פיש'-על) פארבעדייטענד, וואס זאגט פארויס גליק.

auspi'cious *a.* (אהס-פיש'-אס) גליקליך, גינסטיג; וואס זאגט פארויס גליק.

auspi'ciously *adv.* (אהס-פיש'-אס-לי) אויף א גליקליכען אדער גינסטיגען אופן.

auspi'ciousness *n.* (אהס-פיש'-אס-נעס) גוטער סימן; גליק; גינסטיגע אויםזיכטען אויף גליק.

aus'ter *n.* (אהס'-טער) דרום=ווינד.

austere' *a.* (אהס-טיער') הארב, שארף [אין געשמאק]; שטרענג, הארט, גרויזאם; ערנסט; אונפריינדליך; מעסיג; איינפאך; ניט בעפוצט.

austere'ly *adv.* (אהס-טיער'-לי) אויף א שטרענגען אופן; מיט שארפקייט, מיט הארטקייט.

austere'ness *n.* (אהס-טיער'-נעס) שארפקייט; הארבקייט, שטרענגקייט, הארטקייט, גרויזאמקייט; אונפריינדליכקייט.

auster'ity *n.* (אהס-טער'-איט-אי) ז. *austereness*.

aus'tral *a.* (אהס'-טרעל) זידליך [אין דרום זייט].

Australa'sia *n.* (אה-סטרע-ליי'-שא) אויסטראלעזיע [אויסטראליע און די ארומיגע אינזלען].

Australa'sian *a. and n.* (אהס-טרע-ליי'-שען) וואס אנבעלאנגט צו אויסטראלעזיע [אויסטראליע און די ארומיגע אינזלען]; אן אויסטראלעזיער.

Austra'lia *n.* (אהס-טריי'-לי-א) אויסטראליען.

Austra'lian *a. and n.* (אהס-טריי'-ליען) אויכטראליש; אן אויסטראליער.

Aus'tria *n.* (אהס'-טרי-א) עסטרייך.

Aus'trian *a. and n.* (אהס'-טרי-ען) עסטרייכיש; אן עסטרייכער.

au'tarchy *n.* (אה'-טאר-קי) אונבעשרענקטע מאכט; זעלבסט=רעגיערונג.

authen'tic *a.* (אה-טהענ'-טיק) גלויבווירדיג; עכט, ריכטיג, בעשטעטיגט.

We received **authentic** information about the impending war.

authen'tical *a.* (אה-טהענ'-טי-קעל) ז. *authentic*.

authen'tically *adv.* (אה-טהענ'-טי-קעל-אי) גלויבווירדיג, צום גלויבען.

authen'ticalness *n.* (אה-טהענ'-טי-קעל-נעס) גלויבווירדיגקייט; עכטהייט; ריכטיגקייט; דאס זיין בעשטעטיגט.

authen'ticate *v.* (אה-טהענ'-טי-קייט) בעגלויביגען, בעשטעטיגען, ערקלערען פאר ריכטיג, פאר עכט.

authentica'tion *n.* (אה-טהענ-טי-קיי' שאן) בעשטעטיגונג; בעגלויביגונג.

authentic'ity *n.* (אה-טהענ-טים'-אי-טי) ז. *authenticalness*.

authen'ticly *adv.* (אה-טהענ'-טיק-לי) ז. *authentically*.

authen'ticness *n.* (אה-טהענ'-טיק-נעס) ז. *authenticalness*.

au'thor *n.* (אה' טהאר) פעראורזאכער; שעפפער; גרינדער; פערפאסער, מחבר; אויטאר; שריפטשטעלער.

au'thoress *n.* (אה'-טהאר-עס) שעפפעריז; גרינדעריז; פערפאסעריז; שריפטשטעלעריז.

autho'rial *a.* (אה-טהאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א פערפאסער.

au'thorisable *a.* (אה'-טהאר-אי-זעבל) וואס קען בערעכטיגט אדער בעשטעטיגט ווערען: וואס קען האבען די אויטאריטעט אדער די געזעצליכע מאכט.

authorisa'tion *n.* (אה-טהאר-אי-זיי'-שאן) בעפאלמעכטיגונג; בעשטעטיגונג; בערעכטיגונג; דאס גילטיג מאכען; דאס געבען די אויטאריטעט; דאס געבען די געזעצליכע מאכט.

authorita'rian *a. and n.* (אה-טהאר-אי-טיי'-רי-ען) וואס איז פאר א הערשערישער מאכט און געגען פערזענליכער פרייהייט; איינער וואס האלט פאר א הערשערישער מאכט.

author'itative *a.* (אה-טהאר'-אי-טיי-טיוו) בעפאלמעכטיגט; מאכט האבענד, וואס האט מאכט אדער א דעה, בעפעהלענד.

An **authoritative** statement was issued by an official of the White House.

author'itatively *adv.* (אה-טהאר'-אי-טיי-טיוו-לי) אויף א בעפעהלענדען אופן; מיט דער נויטיגער בעפאלמעכטיגונג אדער דעה.

author'itativeness *n.* (אה טהאר'-אי-טיי- טיוו-נעס) דאס זיין בעפאלמעכטיגט, בערעכטיגט; גדלות, תקיפות.

author'ity *n.* (אה-טהאר'-אי-טי) אויטאריטעט; געזעצמעסיגע מאכט און געוואלט; דאס אנזעהן; די מאראלישע מאכט; איינפלוס; וויכטיגקייט; גלויבווירדיגקייט; צייגניס; בעפעהל; פאלמאכט; רעגירונג; בעהערדע; ערלויבניס.

au'thorizable *a.* (אה'-טהאר-אי-זעבל) וואס קען בערעכטיגט אדער בעשטעטיגט ווערען: וואס קען האבען די אויטאריטעט אדער די געזעצליכע מאכט.

authoriza'tion *n.* (אה-טהאר-אי-זיי'-שאן) בעפאלמעכטיגונג; בעשטעטיגונג; בערעכטיגונג; דאס גילטיג מאכען; דאס געבען דיא אויטאריטעט; דאס געבען די געזעצליכע מאכט.

The lawyer received an **authorization** from his client to adjust the claim.

au'thorize *v.* (אה'-טהאר-איז) בעפאלמעכטיגען, בערעכטיגען; בעשטעטיגען; געבען די אויטאריטעט; געבען די געזעצליכע מאכט.

Au'thorized Ver'sion (אה'-טהאר-איזד וואיר'-זשאן) די בעשטעטיגטע ענגלישע איבערזעצונג פון דעם תנ"ך [די איבערזעצונג, וועלכע איז אין יאהר 1611 פון קעניג דזשיימס דעם ערשטען בעשטעטיגט געווארען און בעשטימט געווארען צו בענוצען אין די קירכען].

au'thorless *a.* (אה'-טהאר-לעס) אהן א בעראנטען פערפאסער; אנאנים; אהן א בעשעפער; פון קיינעם ניט געשאפען.

au'thorly *a.* (אה'-טהאר-לי) וואס בעלאנגט צו א שריפטשטעלער.

au'thorship *n.* (אה'-טהאר-שיפ) פערפאסערשאפט; שריפטשטעלעריי.

autobiog'rapher (אה-טא-באי-אג'-רע-פער) אויטאביאגראף [איינער וואס בעשרייבט זיין אייגענע לעבענסגעשיכטע].

autobiograph'ic *a.* (אה-טא-באי-א-גרעפ'-איק) אויטאביאגראפיש [די אייגענע לעבענסגעשיכטע בעשרייבענדיג].

autobiograph'ical *a.* (אה-טא-באי-א-גרעפ'-איק-על) ז. *autobiographic*

autobiograph'ically *adv.* (אה-טא-באי-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף אן אויטאביאגראפישען אופן.

autobiog'raphist *n.* (אה-טא-באי-אג'-רע-פיסט) ז. *autobiographer*

autobiog'raphy *n.* (אה-טא-באי-אג'-רע-פי) אויטאביאגראפיע [די זעלבסט-פערפאסטע לעבענסגעשיכטע].

au'toboat *n.* (אה'-טא-באוט) א זעלבסט-בעוועגליך שיפעל [א שיפעל וואס ווערט געטריבען דורך א מאטאר].

au'tobus *n.* (אה'-טא-באס) א זעלבסט-בעוועגליכער וואגען [א וואגען וואס ווערט געטריבען פון א מאטאר].

autoch'thon *n.* (אה-טאק'-טהאן) איינער וואס איז ארויסגעוואקסען פון דער ערד גופא [א מין אדם הראשון]; אור-איינוואהנער [פון א לאנד].

autoch'thonal *a.* (אה-טאק'-טהאן-על) ז. *autochthonic*

autochthon'ic *a.* (אה-טאק-טהאנ'-איק) וואס איז שייך צו די אור-איינוואהנער פון לאנד.

autoch'thonous *a.* (אה-טאק'-טהאנ-אס) ז. *autochthonic*

au'toclave *n.* (אה'-טא-קלייוו) א וואול-קאניזאטאר, אן אפאראט צו קאכען אין זעהר א הויכער טעמפעראטור [דער אפאראט בעשטעהט פון א קעסעל צו וועלכען דאס דעקעל איז שטייף צוגעשרויפט. אונטער'ן קעסעל איז א הייצער, וועלכער ווארעמט דאס קעסעל אזוי דאס די טעמפעראטור פון דעם וואסער, וואס געפינט זיך אין איהם, שטייגט זעהר הויך].



Autoclave

autoc'racy *n.* (אה-טאק'-רע-סי) די אויטאקראטיע, די זעלבסט-הערשאפט.

au'tocrat *n.* (אה'-טא-קרעט) אויטאקראט; זעלבסט-הערשער, אליין-הערשער.

autocrat'ic *a.* (אה-טא-קרעט'-איק) אויטאקראטיש; אליין-הערשענד; ניט בעגרענצט אין מאכט.

autocrat'ical *a.* (אה-טא-קרעט'-איק-על) ז. *autocratic*

autocrat'ically *adv.* (אה-טא-קרעט'-איק-על-אי) אויף אן אויטאקראטישען אופן; אליין-הערשענדיג.

autoc'ratrix *n.* (אה-טאק'-רע-טריקס) די זעלבסט-הערשערין.

autocy'cle *n.* (אה-טא-סאי'-קל) א וועלאסיפעד, וואס ווערט געטריבען פון א מאטאר.

au'to da fe (אה'-טאו דא פיי) אויטאדאפע [די פערברענונג פון אפיקורסים אין שפאניען און פארטוגאל]; די בעראטונג, אדער דאס אורטייל פון דער אינקוויזיציאן; א מצוה.

au'to de fe (או'-טאו דיי פיי) ז. *auto da fe*

autodynam'ic *a.* (אה-טא-די-נעמ'-איק) וואס האט די בעוועגונגס-קראפט אין זיך זעלבסט.

autog'amous *a.* (אה-טאג'-ע-מאס) וואס בעפרוכטעט זיך זעלבסט [וועגען פלאנצען וועלכע בעפרוכטעט זיך מיט זייער אייגענעם בליהונגס-שטויב, אין געגענזאץ צו די פלאנצען וואס ווערען בעפרוכטעט מיט דעם בליהונגס-שטויב פון אנדערע פלאנצען, וועלכער ווערט צו זיי געבראכט דורך'ן ווינד אדער דורך אינזעקטען].

autog'amy *n.* (אה-טאג'-ע-מי) זעלבסט-בעפרוכטונג [ביי פלאנצען].

autoge'neous *a.* (אה-טא-דזשי'-ני-אס) וואס ווערט פון זיך אליין בעשאפען; וואס ווערט פון זיך אליין געבארען.

autogen'esis *n* (אה-טא-דזשענ'-ע-סיס) זעלבסט-פראדוקציאן; דאס ווערען בעשאפען אונאבהענגיג, פון זיך אליין.

autogen'ic *a.* (אה-טא-דזשענ'-איק) וואס קומט ארויס פון זיך אליין, וואס ווערט פון זיך אליין בעשאפען; וואס קען פון זיך אליין צונויפגעלייט ווערען [וועגען צוויי מעטאל-שטיקער וועלכע ווערען צונויפגעלייט דורך שמעלצען די ענדען פון די שטיקער וואס דארפען צונויפגעלייט ווערען].

autog'enous *a.* (אה-טאדזש'-ע-נאס) וואס ווערט פון זיך אליין בעשאפען; וואס קומט ארויס פון זיך אליין, וואס קען פון זיך אליין צונויפגעלייט ווערען [וועגען צוויי מעטאל-שטיקער, וואס ווערען צונויפגעלייט דורך שמעלצען די ענדען פון די שטיקער וואס דארפען צונויפגעלייט ווערען].

autog'enously *adv.* (אה-טאדזש'-ע-נאס-לי) דורך בעשאפען ווערען פון זיך אליין; דורך דעם פראצעס פון זעלבסט-צונויפלייטונג [וועגען צונויפלייטען מעטאל-שטיקער דורך שמעלצען זייערע ענדען].

autog'enous sol'dering (אה-טאדזש'-ע-נאס סאל'-דער-אינג) דאס צונויפלייטען מעטאל-שטיקער דורך שמעלצען זייערע ענדען, ניט געברויכענדיג דערביי קיין ספעציעלען לייט-מעטאל.

autog'eny *n.* (אה-טאדזש'-ע-ני) ז. *autogenesis*

autog'ony *n.* (אה-טאג'-א-ני) דאס ענטשטעהן פון איינפאכע ארגאניזמען פון א לעבענסלאזער פליסיגקייט.

au'tograph *a., n. and v.* (אה'-טא-גרעף) אויטאגראף, כתב יד; מיט דער אייגענער האנד געשריבען; אויטאגראפיש; די אייגענע אונטערשריפט; אריגינעלער מאנוסקריפט; אן אויטאגראף-דרוק-מאשין [א מאשין צו דרוקען כתב יד'ען]; שרייבען מיט דער אייגענער האנד; דרוקען מיט אן אויטאגראף-דרוק-מאשין.

autograph'ic *a.* (אה-טא-גרעפ'-איק) אליין-געשריבען; אייגענהענדיג געשריבען; וואס איז שייך צו א טעלעגראף-אפאראט וואס גיט איבער די האנדשריפט און בילדער; געדרוקט מיט אן אויטאגראף-דרוק-מאשין. ז. *autograph*

autograph'ic tel'egraph (אה-טא-גרעפ'-איק טעל'-ע-גרעף) א טעלעגראף וואס גיט איבער די האנדשריפט און בילדער.

autograph'ical *a.* (אה-טא-גרעפ'-איק-על) ז. *autographic*

autograph'ically *adv.* (אה-טא-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף אן אויטאגראפישען אופן; דורך אן אייגענהענדיגען שרייבען. ז. *autograph*

autog'raphy *n.* (אה-טאג'-רע-פי) אויטאגראפיע, דאס שרייבען מיט דער אייגענער האנד; דאס דרוקען מיט אן אויטאגראף-דרוק-מאשין; דאס לעזען אלטע, פערשטעלטע דיפלאמאטישע שריפטען.

au'to-inoculabil'ity *n.* (אה'-טאו-אין-אק-יו-לע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט פאר זעלבסט-אנשטעקונג. ז. *auto-inoculation*

au'to-inoc'ulable *a.* (אה'-טאו-אינ-אק'-יו-לעבל) וואס בעזיצט די מעגליכקייט פון זעלבסט-אנשטעקונג; וואס קען זיך ווייטער פערשפרייטען דורך זעלבסט-אנשטעקונג [וועגען א קראנקהייט]. ז. *auto-inoculation*

au'to-inocula'tion *n.* (אה'-טאו-אינ-אק-יו-ליי'-שאן) זעלבסט-אנשטעקונג, דאס אנשטעקען א געזונטען גליעד פון קערפער מיט דעם קראנקהייטס-גיפט פון א קראנקען גליעד פון קערפער פון דערזעלביגער פערזאן [א געוויסע מעטאדע אין דער מעדיציין].

au'tomath *n.* (אה'-טא-מעטה) אויטאדאקט, איינער וואס האט זיך געלערענט אהן דער הילפע פון א לעהרער, א זעלבסט-געלעהרטער.

automat'ic *a.* (אה-טא-מעט'-איק) אויטאמאטיש [זיך זעלבסט בעוועגענדיג]; זיך בעוועגענדיג מעכאניש, אהן בעוואוסטזיין.

automat'ical *a.* (אה-טא-מעט'-איק-על) ז. *automatic*

automat'ically *adv.* (אה-טא-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אן אויטאמאטישען אופן; אויטאמאטיש, מעכאניש, אהן בעוואוסטזיין.

automatic'ity *n.* (אה-טא-מע-טיס'-אי-טי) דאס זיין אויטאמאטיש; אן אויטאמאטישע בעוועגונג.

autom'atism *n.* (אה-טאמ'-ע-טיזם) דאס זיין אויטאמאטיש; דאס בעוועגען זיך מעכאניש, אהן בעוואוסטזיין; די טעאריע, אז חיות בעוועגען זיך בלויז מעכאניש ווי אויטאמאטען, ד. ה. דורך געוויסע פיזישע געזעצען, אבער ניט דורך וועלכען עס איז בעוואוסטזיין.

autom'atist *n.* (אה-טאמ'-ע-טיסט) איינער וואס מאכט אויטאמאטען [זיך זעלבסט-בעוועגענדע מאשינען]; איינער וואס בעהויפטעט אז חיות בעוועגען זיך בלויז מעכאניש ווי אויטאמאטען, ד. ה. דורך געוויסע פיזישע געזעצען, אבער ניט דורך וועלכען עס איז בעוואוסטזיין.

autom'atize *v.* (אה-טאמ'-ע-טאיז) מאכען אן אויטאמאט [א זיך זעלבסט-בעוועגענדע מאשין].

autom'aton *n.* (אה-טאמ'-ע-טאן) אויטאמאט: א זיך זעלבסטבעוועגענדע קונסט-ווערק; מאשין-מענש.

autom'atous *a.* (אה-טאמ'-ע-טאס) ז. *automatic*.

automo'bile *a.* (אה-טא-מאו'-ביל) זיך זעלבסט=בעוועגנדיג.

automobile' *n. and v.* (אה-טא-מא-ביל') אן אויטאמאביל [א וואגען נעטריבען פון א מאטאר]; פאהרען אין אן אויטאמאביל.

Automobile

automobil'ist *n.* (אה-טא-מא-ביל'-איסט) אויטאמאביליסט [איינער וואס בעזיצט אדער טרייבט אן אויטאמאביל].

automor'phic *a.* (אה-טא-מאהר'-פיק) אורטיילענדיג אנדערע נאך זיך.

automor'phism *n.* (אה-טא-מאהר'-פיזם) דאס אורטיילען אנדערע נאך זיך.

auton'omous *a.* (אה-טאנ'-א-מאס) אויטאנאם, זיך אליין רעגירענדיג; האבענדיג דאס רעכט זיך צו רעגירען נאך אייגענע געזעצען.

auton'omy *n.* (אה-טאנ'-א-מי) אויטאנאמיע, זעלבסט=רעגירונג.

au'tonym *n.* (אה'-טא-נים) א ווערק וואס טראגט דעם מחבר'ס נאמען; א נאמען וואס בעציהט זיך אויף מעהרערע זאכען.

au'topsy *n.* (אה'-טאפ-סי) דאס צושניידען דעם קערפער נאכ'ן טוידט [פאר אונטערזוכונג]; אן אייגענע, א פערזענליכע אונטערזוכונג.

The **autopsy** showed that the man died from natural causes.

autop'tic *a.* (אה-טאפ'-טיק) וואס מען זעהט אליין מיט די אויגען.

autop'tical *a.* (אה-טאפ'-טיק-על) ז. *autoptic*.

autotox'ic *a.* (אה-טא-טאק'-סיק) זיך זעלבסט פערגיפטענדיג. ז. *autotoxin*.

autotox'in *n.* (אה-טא-טאק'-סין) א גיפט וואס ארבייט זיך אויס אין קערפער און שעדיגט איהם אליין.

au'totruck *n.* (אה'-טא-טראק) אן אויטאמאטישער פראכט=וואגען, א פראכט=אויטאמאביל.

au'totype *n. and v.* (אה'-טא-טאיפ) א מעטאדע צו מאכען פאטאגראפיעס אין פארבען; פאקסימיל [א גענויע קאפירטע קאפיע פון א האנד=שריפט]; אזוי פאטאגראפירען אדער קאפירען.

autotyp'ic *a.* (אה-טא-טיפ'-איק) וואס איז נוגע צום פאטאגראפירען מיט פארבען; וואס איז שייך צו א פאקסימיל. ז. *autotype*.

autot'ypy *n.* (אה-טאט'-אי-פי) דאס דרוקען אדער פאטאגראפירען אין פארבען.

au'tumn *n.* (אה'-טאם) הערבסט, אסיען.

autum'nal *a.* (אה-טאמ'-נעל) וואס געהערט צום הערבסט אדער אסיען.

autum'nal e'quinox (אה-טאמ'-נעל אי'-קהווי-נאקס) די צייט אין הערבסט ווען די נאכט איז גלייך מיט דעם טאג [די צייט ווען די זון קרייצט דעם עקוואטאר געהענדיג צו דרום, אונגעפעהר דעם 22טען סעפטעמבער].

auxe'sis *n.* (אהק-סי'-סיס) די איבערטרייבונג אין רעדען, דאס גרעסער מאכען א זאך, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט; דאס מגזם זיין; די פערגרעסערונג פון א ציפער איהר גלייכצומאכען צו אן אנדער ציפער.

auxet'ic *a.* (אהק-סעט'-איק) פערגרעסערענד, העכערענדיג. ז. *auxesis*.

auxil'iar *n. and a.* (אהג-זיל'-יער) בעהילפליך; הילף.

auxil'iaries *n.* (אהג-זיל'-יע-ריעז) אויסלענדישע חיל, געדונגענע חיל.

auxil'iarly *adv.* (אהג-זיל'-יער-לי) דורך הילף.

auxil'iary *n. and a.* (אהג-זיל'-יע-רי) בעהילפליך; העלפער; הילף; א הילפס=צייטווארט [ווי "בין" אין "איך בין געזעסען"].

auxom'eter *n.* (אהק-סאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די פערגרעסערונגס=קראפט [אויף וויפיעל מאל עס פערגרעסערט] פון געוויסע אפטישע אינסטרומענטען.

avail' *n. and v.* (ע-וועיל') זיך נוציג מאכען; זיין פון נוצען, ציהען נוצען, זיך בענוצען; ווערטה, נוצען.

The doctor tried to save the patient, but his efforts did not **avail**.

availabil'ity *n.* (ע-וויי-לע-ביל'-אי-טי) נוצבארקייט; ניצליכקייט; פערווענדבארקייט [פאר א געוויסען צוועק אדער ארבייט]; גילטיגקייט.

avai'lable *a.* (ע-וויי'-לעבל) ניצליך; פערווענדבאר [צו א געוויסען צוועק]; ברויכבאר.

avai'lableness *n.* (ע-וויי'-לעבל-נעס) ז. *availability*.

avai'lably *adv.* (ע-וויי'-לע-בלי) אויף א ניצליכען אדער ברויכבארען אופן.

avai'ling *a.* (ע וויי' לינג) וואס איז נוצבאר, וואס העלפט; וואס איז פערווענדבאר.

avai'lingly *adv.* (ע-וויי'-לינג-לי) אויף א ניצליכען אדער ערפאלגרייכען אופן.

avail'ment *n.* (ע-וועיל'-מענט) נוץ; פראפיט; פארטייל; ערפאלג.

avails' *n.* (ע-וועילז') הכנסה, איננאהמע.

av'alanche *n.* (עוו'-ע-לענטש) א מאסע שנעע און אייז, וואס פאלט פלעצליך אראב פון א בארג אין טהאל; צרות וועלכע קומען א מענשען פלעצליך, אונגעריכטערהייד.

av'alange *n.* (עוו'-ע-לענדזיש) ז. *avalanche*.

avant'-cou'rier *n.* (ע-וואנט'-קו' רי-ער) דער פארלויפער; אנזאגער [מבשר].

avant'-garde *n.* (ע-וואנט'-גארד) אוואנגארד [די פאדערסטע סאלדאטען=אבטיילונג פון אן ארמעע]; די פאדערסטע וואך.

avan'turine *n.* (ע-ווענ'-טיו-רין) אוואנטורין [אזא מינעראל, וואס גלאנצט ווי גאלד].

av'arice *n.* (עוו'-ע-ריס) קארגהייט, געלד=גייץ; זשעדנעקייט.

avaric'ious *a.* (עוו-ע-ריש'-אס) קארג, גייציג; זשעדנע.

avaric'iously *adv.* (עוו-ע-ריש'-אס-לי) אויף א גייציגען אופן; מיט זשעדנעקייט.

avaric'iousness *n.* (עוו-ע-ריש'-אס-נעס) ז. *avarice*.

avast' *int.* (ע-וואסט') האלט! הער אויף!

avatar' *n.* (עוו-ע-טאר') די פערקערפערונג פון גאטהייט [דאס אראבקומען פון א גאטהייט אין א קערפערליכער געשטאלט. אין דער אינדישער מיטאלאגיע]; דאס ארונטערקומען פון א גייסט אויף דער ערד; א מערקווירדיגע ערשיינונג אדער פערקערפערונג; א וואונדערבארע פערקערפערונג אדער דארלעגונג פון אן אבסטראקטער אידעע אין א קאנקרעטער פארם.

avaunt' *int.* (ע-וואהנט') אוועק! אוועק פון דאנען! טראג זיך מיט די ביינער!

a've *int.* (איי'-ווי) עס לעבע! זיי געגריסט! לעב וואהל!

A've Mari'a (איי'-ווי מע-ראי'-ע) אווע מאריא [א קאטוילישע תפילה].

Ave'na *n.* (ע-ווי'-נע) אזא מין גראז; האבער.

avena'ceous *a.* (עוו-אי-ניי'-שיאס) וואס איז עהנליך צו האבער.

avenge' *v.* (ע-ווענדזש') זיך נוקם זיין; ראכע נעהמען, בעשטראפען; זיך אברעכענען.

He will **avenge** the blood of his servants.

avenge'ful *a.* (ע-ווענדזש'-פול) נקמה'דיג; נקמה נעהמענדיג.

aven'ger *n.* (ע-ווענ'-דזשער) ראכע=נעהמער; נקמה=נעהמער.

The Lord is the **avenger** of all.

aven'ger of blood (ע-ווענ'-דזשער אוו בלאד) גואל הדם [דער נעהנטסטער קרוב פון אן ערמארדעטען, וואס דארף נקמה נעהמען פאר זיין בלוט; א מנהג ביי די אמאליגע אידען און ביי אייניגע פעלקער אין אזיען נאך היינט].

aven'gingly *adv.* (ע-ווענ'-דזשינג-לי) נעהמענדיג נקמה.

av'ens *n.* (עוו'-ענז) בענעדיקטען=קרויט [אזא פלאנצע].

av'entaile *n.* (עוו'-ענ-טייל) דאס לופט=לאך פאר'ן נאז און מויל אין דעם פאנצער וואס בעדעקט דעם קאפ, וואס פלעגט געטראגען ווערען אין די אלטע צייטען; דער פאדערשטער טייל פון א קאפ=פאנצער וואס בעדעקט די מארדע און קען אראבגעלאזען ווערען נאך אונטען.



Aventaile

aven'turine *n.* (ע-ווענ'-טיו-רין) ז. *avanturine*.

av'enue *n.* (עוו'-ע-ניו) צוגאנג; א דורכגאנג; א ברייטע גאס; אלעע.

aver' *v.* (ע-וואיר') בעהויפטען, ערקלערען פאר ריכטיג; פערזיכערען; די ריכטיגקייט בעקרעפטיגען.

av'erage *n., v. and a.* (עוו'-ע-ריידזש) מיטלער ווערטה; דורכשניט; דאס מיטעלע פערהעלטניס; פערהעלטניסמעסיג טיילען; בעשטימען א דורכשניטליכען פרייז; בריינגען צו א דורכשניטס סומע; דאס האפען=געלד; דער טייל וואס יעדער פראכט=אייגענטימער דארף בייטראגען פאר דעם שאדען, וועלכען א שיף ליידט פון א שטורם=ווינד אויף'ן ים; אן עקסטרא סומע וואס א פראכט=אייגענטימער צאהלט צום אייגענטימער פון א שיף; צוואנג=דיענסט, פאנישטשיזנע; דורכשניטליך.

av'erage amount' (עוו'-ע-ריידזש ע-מאונט') דער דורכשניטליכער סך הכל.

av'eragely *adv.* (עוו'-ע-ריידזש-לי) איז דורכשניט; מיטעלמעסיג.

aver'ment *n.* (ע-וואיר'-מענט) פּערזי־כערונג; בעקרעפטיגונג, בעשטעטיגונג, בע־ווייז; בעהויפּטונג; די פאָדערונג [אין געריכט] פון איין צד, אז דער אנדערער צד זאָל זיינע בעהויפּטונגען בעווייזען.

aver'rable *a.* (ע-וואיר'-עבל) וואס מען קען בעהויפּטען אדער בעווייזען.

Averrho'ism *n.* (עוו-ע-ראָו'-איזם) די פילאָזאָפיע פון דעם אראבישען פילאָזאָף אווערהאָעס [געבאָרען אין יאהר 1126 אין קאָרדאָווא און געשטארבען אין יאהר 1198. אווערהאָעס איז געווען אן ערקלערער און קאָמענטירערער פון אריסטאָטעלס פילאָזאָ־פיע און א פערטרעטער פון דעם פּרינציפּ, אז די פילאָזאָפיע דארף אבגעטיילט ווע־רען פון רעליגיאָן].

Averrho'ist *n.* (עוו-ע-ראָו'-איסט) אן אנהענגער פון דעם אראבישען פילאָזאָף אווערהאָעס. ז. *Averrhoism*

Averro'ism *n.* (עוו-ע-ראָ'-איזם) ז. *Averrhoism*

Averrois'tic *a.* (עוו-ע-ראָ-איס'-טיק) וואס איז שייך צו דעם פילאָזאָף אווער־האָעס אדער צו זיין פילאָזאָפיע. ז. *Averrhoism*

av'erruncator *n.* (עוו'-ע-ראַנ-קיי-טאָר) א בוים־שער; א גערטנער־שער.

averse' *a.* (ע-וואירס') אבגענייגט; אבגעקעהרט; אונפריינדליך; ווידערווי־ליג.

He is not averse to receiving help.

averse'ly *adv.* (ע-וואירס'-לי) זייענדיג אבגענייגט; אין דער געגענגעזעצטער ריכ־טונג; מיט ווידערווילען; זייענדיג אב־געקעהרט.

averse'ness *n.* (ע-וואירס'-נעס) ווידער־ווילען; דאס זיין אבגענייגט; דאס זיין דאַנגעגען; דאס אבקעהרען זיך; דאס זיין אונפריינדליך.

aver'sion *n.* (ע-וואיר'-שאַן) ווידערווי־לען, אבנייגונג; דאס וואס רופט ארויס ווידערווילען.

Unlike the English and the Americans, the Europeans have an aversion to sport.

avert' *v.* (ע-וואירט') אבווענדען, אב־קעהרען, אבווענדיג מאכען; זיך אבווענ־דען; אויסמיידען.

aver'ted *a.* (ע-וואיר'-טעד) אבגעווענ־דעט: אבגעקעהרט, אבגעקעהרט אז א זייט.

aver'tedly *adv.* (ע-וואיר'-טעד-לי) אבווענדענדיג; אבקעהרענדיג; אויסמיי־דענדיג.

aver'ter *n.* (ע-וואיר'-טער) איינער אדער עפּעס וואס ווענדעט אב אדער מיידעט אויס.

aver'tible *a.* (ע-וואיר'-טיבל) וואס קען אויסגעמידען אדער געשטערט ווערען.

A'ves *n.* (איי'-וויז) געפליגעל, פויגלען.

a'vian *a. and n.* (איי'-ווי-ען) וואס אנ־בעלאנגט צו פויגלען; א פויגעל.

a'viarist *n.* (איי'-ווי-ע-ריסט) איינער וואס האלט א פויגעל־הויז.

a'viary *n.* (איי'-ווי-ע-רי) א פויגעל־הויז.

avia'tion *n.* (ע-ווי-איי'-שאַן) די קונסט פון פליהען אין דער לופטען.

a'viator *n.* (איי'-ווי-איי-טאָר) א לופט־שווימער; איינער וואס פליהט מיט א פליה־מאשין.

avic'ular *a.* (ע-וויק'-יו-לער) וואס איז שייך צו פויגלען.

a'viculture *n.* (איי'-ווי-קאַל-טשור) פויגעלצוכט [דאס האָדעווען פויגלען].

av'id *a.* (עוו'-איד) זשעדנע, גיעריג.

avid'ity *n.* (ע-וויד'-אי-טי) זשעדנע־קייט; שטארקער חשק; שטארקער אפּע־טיט; בעגיערדע.

avocat' *n.* (עוו-א-קא') אן אדוואָקאט.

avoca'tion *n.* (עוו-א-קיי'-שאַן) דאס איבערטראגען א פּראָצעס פון א נידריגע־רען געריכט צו א העכערען; א נעבען־בעשעפטיגונג; עפּעס וואס ציהט אב אימעצען פון זיין געוועהנליכער בעשעפטי־גונג; א זייטיגע אינטערעסע; אימעצנס רעגעלמעסיגע בעשעפטיגונג.

avoc'atory *a. and n.* (ע-וואָק'-ע-טאָ-רי) צוריקרופענדיג; אברופענדיג; די צו־ריקציהונג פון א בעפעהל.

av'ocet *n.* (עוו'-א-סעט) אזא פויגעל מיט לאנגע פיס און מיט א לאנגען שנא־בעל, וואס איז אויסגעקרימט ארויף־צו.



Avocet

avoid' *v.* (ע-וואָיד') פער־מיידען; פּער־הינדערען; אוועקשאפען; ווייכען, זיך דער־ווייטערען; מאכען אונגילטיג.

avoi'dable *a.* (ע-וואָי'-דעבל) פּערמייד־ליך; וואס קען ווערען געמאכט אונגילטיג.

avoi'dably *adv.* (ע-וואָי'-דע-בלי) פּערמיידענדיג; מאכענדיג אונגילטיג.

avoi'dance *n.* (ע-וואָי'-דענס) פּערמיי־דונג; דערווייטערונג, דאס ליידיג ווערען פון א בעשעפטיגונג; דאס אונגילטיג מא־כען.

avoi'der *n.* (ע-וואָי'-דער) איינער וואס פּערמיידעט; איינער וואס מאכט אונגיל־טיג.

avoid'less *a.* (ע-וואָיד'-לעס) אונפער־מיידליך.

avoid' no'tice (ע-וואָיד' נאָו'-טיס) ניט בעמערקט ווערען.

avoirdupois' *n.* (עוו-אר-דיו-פּאָיז') די איינפאכע ענגלישע געוויכט סיסטעם, לויט וועלכער א פונט איז געטיילט אין 16 אונצעס.

avola'tion *n.* (עוו-א-ליי'-שאַן) דאס אוועקפליהען; אויסדונסטונג, אויסדאמפּ־פונג.

av'oset *n.* (עוו'-א-סעט) ז. *avocet*

avouch' *v.* (ע-וואוטש') בע־בעהויפּטען, בעקרעפטיגען, בעשטעטיגען; פּערזיכערען; גאראנטירען; רעכטפערטיגען; גוטהייסען.

avouch'er *n.* (ע-וואוטש'-ער) א בע־הויפּטער, א פּערזיכערער; א גוטהייסער; אן עדות.

avouch'ment *n.* (ע-וואוטש'-מענט) בע־שטעטיגונג; פּערזיכערונג; בעקרעפטי־גונג; רעכטפערטיגונג; גוטהייסונג.

avow' *v.* (ע-וואו') ערקלערען, בעקענען, בעהויפּטען, מודה זיין [מיט דעם צוועק צו רעכטפערטיגען].

avow'able *a.* (ע-וואו'-עבל) וואס מען קען אפען ערקלערען, וואס מען קען אפען מודה זיין; אנערקענבאר; וואס מען קען רעכטפערטיגען.

avow'ableness *n.* (ע-וואו'-עבל-נעס) די מעגליכקייט אפען צו ערקלערען אדער מודה זיין [און רעכטפערטיגען].

avow'ably *adv.* (ע-וואו'-ע-בלי) דורך אן אפענע ערקלערונג; אויף דעם אופן פון אן אפענער ערקלערונג אדער אפע־נעם מודה זיין זיך [און זיך רעכטפערטי־גען].

avow'al *n.* (ע-וואו'-על) בעקענטניס, בעהויפּטונג, דאס מודה זיין; עפענטליכע ערקלערונג.

avowed' *a.* (ע-וואוד') ער־עפענטליך ער־קלערט; עפענטליך מודה געווען.

He avowed his love to her.

avow'edly *adv.* (ע-וואו'-עד-לי) מיט פרייער עפענטליכער בעקענונג.

avow'edness *n.* (ע-וואו'-עד-נעס) ז. *avowal*

avow'er *n.* (ע-וואו'-ער) א בעהויפּטער, איינער וואס איז זיך מודה.

avow'ry *n.* (ע-וואו'-רי) דאס מודה זיין; די אנערקענונג; די געזעצליכע רעכטפער־טיגונג אדער צושטימונג וועגען אבגענו־מענעם איינענטום.

avul'sion *n.* (ע-וואל'-שאַן) דאס אברייי־סען; א זאך וואס איז מיט געוואלט אב־געריסען; דאס אברייסען און פּערטראגען דעם ערד־בארען דורך א פּערפלייצונג.

avun'cular *a.* (ע-וואנ'-קיו-לאַר) וואס אנבעלאנגט צו אן אנקעל.

await' *v.* (ע-הוויט') ווארטען, ערוואר־טען.

awake' *v. and adv.* (ע-הווייק') אויפ־וועקען; אויפוואכען; וואך; וואכענדיג; מונטער.

awa'ken *v.* (ע-הוויי'-קן) אויפוועקען; ערוואכען.

awake'ner *n.* (ע-הווייק'-נער) וועקער.

awake'ning *n. and a.* (ע-הווייק'-נינג) דאס ערוואכען; דאס ערוואכען פון שלאף; דאס אויפלעבען פון דער רעליגיאָן; ווע־קענדיג, וואס וועקט.

awake'ningly *adv.* (ע-הווייק'-נינג-לי) אויף א וועקענדען אופן; אויף אן ערווא־כענדען אופן.

awa'kenment *n.* (ע-הוויי'-קן-מענט) וואכזאמקייט; ערוואכונג.

awan'ting (ע-הוואהנ'-טינג) פעהלט.

award' *v. and n.* (ע-הוואהרד') אור־טייל; עטוואס וואס ווערט צוגע'פּסקנ'ט; אן אורטייל ארויסגעבען; צוערקענען; צו־פּסק'ען; בעשטימען.

award'able *a.* (ע-הוואהרד'-עבל) וואס מען קען צופּסקנ'ען.

awar'der *n.* (ע-הוואהר'-דער) שיעדס־ריכטער, פּשרה־מאכער, מכריע; איינער וואס פּסקנ'ט צו.

aware' *a.* (ע-הוועהר') אויפמערקזאם, וואכזאם, וויסענד; אינפאָרמירט; נעה־מענדיג זיך אין אכט.

I was aware of your plans.

aware'ness *n.* (ע-הוועהר'-נעס) דאס זיין אינפאָרמירט [דאס האבען ידיעות]; דאס וויסען.

awash' *a. and adv.* (ע-הוואש') גלייך מיט דעם וואסערשפּיעגעל, אויף דער זעל־בער הויך ווי די וואסער אויבערפלעכע; ארויסקומענדיג פון וואסער; געשווינקט, געשליידערט פון דעם וואסער; גענעצט, נאס.

away' *adv.* (ע-הוויי') 1. אוועק; פּאָרט; 2. ניט אנוועזענד; ניט זייענדיג דערביי.

2. Think of me when I will be away.

away' with him! (ע-הוויי' הוויטה הים!) אוועק מיט איהם! זאָל ער אוועק!

awe *n. and v.* (אָה) עהרפורכט [יראת הכבוד]; פּורכט; אין מורא האלטען; עהרפורכט איינפלעסען.

awea'ry *a.* (ע-הוויע'-רי) מיעד; פערמאטערט; איבערדריסיג; צונעגעסען.

aweath'er *a. and adv.* (ע-הוועטה'-ער) צו דער זייט, וואו דער ווינד בלאזט.

awe-comman'ding *a.* (אה-קא-מענ'-דינג) וואס פליסט איין עהרפורכט.

aweigh' *a. and adv.* (ע-הוויי') ארויפגעצויגען אדער ארויפציהענדיג דעם אנקער פון שיף אין דער הויך.

awe in'to obe'dience (אה אינ'-טו א-בי'-די-ענס) דורך מורא ברענגען צו געהארכזאמקייט.

awe'less *a.* (אה'-לעס) אהן מורא; אהן עהרפורכט; וואס האט נים די מאכט צו ערוועקען עהרפורכט.

awe'some *a.* (אה'-סאם) וואס ערוועקט עהרפורכט; מורא'דיג.

awe'-strick'en *a.* (אה'-סטריקן) דורכגעדרונגען מיט עהרפורכט.

awe'-struck *a.* (אה'-סטראק) ***awe-stricken*** .ז

aw'ful *a.* (אה'-פול) וואס ערוועקט גרויס עהרפורכט; מאיעסטעטיש; עהרווירדיג; פורכטזאם; שרעקליך; אונגעהייער.

aw'fully *adv.* (אה'-פול-אי) מיט גרויס עהרפורכט; אויף א מאיעסטעטישען אופן; מיט עהרווירדיגקייט; פורכטזאם, שרעקליך; אונגעהייער.

aw'fulness *n.* (אה'-פול-נעס) דאס זיין פול מיט עהרפורכט; עהרווירדיגקייט; פורכטזאמקייט.

awhile' *adv.* (ע-הוואיל') א ווייִלע, פאר א קורצער צייט.

a while ago' (ע הוואיל ע-גאו') א קורצע צייט צוריק.

awhirl' *a. and adv.* (ע-הווירל') אין א שטורם; שטורמדיג.

awk *a. and n.* (אהק) אונגעשיקט, אונגעלומפערט; דער פאפוגאי-טויכער. ***auk*** .ז

awk'ward *adv. and a.* (אהק'-הווארד) אונגעשיקט, אונגעלומפערט; אונרוהיג, אין פערלעגענהייט; וואס איז שווער אומצוגעהן דערמיט, וואס פאדערט פארזיכטיגקייט, וואס פערשאפט צרות.
A country lad feels awkward in the city.

awk'ward affair' (אהק'-הווארד ע-פעהר') א נארישע, מיאוס'ע געשיכטע.

awk'wardly *adv.* (אהק'-הווארד-לי) אויף אן אונגעשיקטען, אונגעלומפערטען אופן; אונאנגענעהם, אונבעקוועם.

awk'wardness *n.* (אהק'-הווארד-נעס) אונגעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט; אונאנגענעהמליכקייט, אונבעקוועמליכקייט, פערלעגענהייט.

awl *n.* (אהל) אן אהל, א שוסטער אהל.

aw'less *a.* (אה'-לעס) ***aweless*** .ז

awl'-shaped *a.* (אהל'-שייפט) וואס האט די פארם פון אן אהל.

awn *n.* (אהן) דער זאנגען-בארד [די לאנגע פעדים וואס וואקסען ביי מאנכע זאנגען ווי א בארד].

aw'ning *n.* (אה'-נינג) דאכונג, אדער איבערדעק איבער א שיף; א פארהאנג צום שיצען פון רעגען; א לייווענט-דאך.

aw'ny *a.* (אה'-ני) מיט א בארד [ביי זאנגען].

awoke' (ע-הוואוק) זיך אויפגעוואכט, אויפגעכאפט פון שלאף. ***awake*** .ז

awor'king *adv.* (ע-הוואיר'-קינג) ביי דער ארבייט.

awry' *adv. and a.* (ע-ראי') קרום; פערקעהרט; קאסאק; פון דער זייט.
He looks awry.

ax *n. and v.* (עקס) א האק; האקען מיט א האק; ארומהאקען.

ax'al *a.* (עקס'-על) וואס בעלאנגט צו אן אקס.

axe *n. and v.* (עקס) ***ax*** .ז

ax'-head *n.* (עקס'-העד) דער קאפ פון א האק [דער אייזערנער טייל].

ax'-helve *n.* (עקס'-העלוו) דאס הענטעל פון א האק.

ax'ial *a.* (עקס'-אי-על) וואס איז שייך צו אן אקס אדער צענטער-ליניע; וואס געפינט זיך אין דער אקס-ליניע; וואס ציהט אויף אן אקס; וואס בילדעט די צענטער-ליניע.

ax'ial line (עקס'-אי-על לאין) אקס-ליניע [די צענטראלע, מיטעלסטע ליניע]; די מיטעל-ליניע פון א מאגנעט.

ax'ially *adv.* (עקס'-אי-על-אי) אין דער ריכטונג פון אקס.

ax'ial rota'tion (עקס'-אי-על ראָ-טיי'-שאן) א דרעה-בעוועגונג ארום אן אקס.

axif'erous *a.* (עקס-איפ'-ע-ראס) וואס האט נור א שטענגעל אהן צווייגען און אהן בלעטער [וועגען געוויסע פלאנצען].

ax'iform *a.* (עקס'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון אן אקס.

ax'il *n.* (עקס'-איל) די פאכווע; אקסעל; בלאטווינקעל, צווייגווינקעל [דער ווינקעל, וואס עס בילדעט א צווייג מיט'ן שטאם פון בוים].

ax'ile *a.* (עקס'-איל) וואס אנבעלאנגט צו דער צענטער-ליניע אדער אקס-ליניע.

axil'la *n.* (עקס-איל'-א) די פאכווע.

ax'illar *a.* (עקס'-אי-לאר) וואס בעלאנגט אדער איז עהנליך צו אן אקסעל אדער א פאכווע; בעהעפט, צוגעוואקסען [ביי לעבעדיגע בעשעפענישען].

ax'illary *a.* (עקס'-אי-לע-רי) ***axillar*** .ז

ax'illary ar'tery (עק'-סי-לע-רי אר'-טע רי) די אקסעל-ארטעריע.
"Bloodvessels of the Human Body" ז. איל.

ax'inite *n.* (עקס'-אי-נאיט) דער אקסיניט [א שטיין].

ax'iom *n.* (עקס'-אי-אם) א אקסיאמע [א זעלבסטפערשטענדליכער אמת, וואס דארף קיין בעווייז ניט].

axiomat'ic *a.* (עקס-אי-א-מעט'-איק) וואס איז ווי אן אקסיאמע. ***axiom*** .ז

axiomat'ical *a.* (עקס-אי-א-מעט'-איק-על) ***axiomatic*** .ז

axiomat'ically *adv.* (עקס-אי-א-מעט'-איק-על-אי) דורך בענוצען אן אקסיאמע; ווי אן אקסיאמע.

ax'is *n.* (עק'-סיס) די געאמעטרישע אקס; די אקס [אן אקס וועלכע מען שטעלט זיך פאר אין גערדאנקען און וועלכע עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט ניט, צ. ב. די אקס פון ערד-קוגעל].

axle *n.* (עקסל) אן אקס [פון א וואגען].

ax'le-pin *n.* (עקסל'-פין) א סווארען; אן אקס-פלעקעל.

ax'letree *n.* (עק'סל-טריע) די אקסען פון א וואגען.

ax'man *n.* (עקס'-מען) א האָלץ-העקער.

ax'olotl *n.* (עקס'-א-לאטל) א מין סאלאמאנדרע [א וואסער חיה].



Axolotl

axom'eter *n.* (עק-סאם'-ע-טער) אן אינסטרומענט אבצופאסען ריכטיג די איינפאסונג פון ברילען, אז דער צענטער פון די גלעזלעך זאל אויסקומען ריכטיג מיט דעם צענטער פון די אויגען.

ax'-shaped *a.* (עקס'-שייפט) וואס האט די פארם פון א האק [וועגען בלעטער פון געוויסע פלאנצען]

ax'-stone *n.* (עקס'-סטאון) דער האק-שטיין.

ax'unge *n.* (עקס'-אנדזש) חזיר-פעט; גענזען-שמאלץ; אקסען-שמיערעכץ.

ay *adv. and int.* (איי) אימער, אייביג, בעשטענדיג; אה! [א פערוואונדערונגס-אויסרוף].

aye *adv. and int.* (אי) יא! ריכטיג; ווירקליך; אימער, אייביג, בעשטענדיג; פאר [ביים אבשטימען].

aye'-aye *n.* (אי'-אי) א מין אפע וואס איז עהנליך צו א וועווערקע [געפינט זיך אין מאדאגאסקאר, אפריקא].

Aye-aye

ayes and noes (איז ענד נאוז) די שטימען פאר און געגען [ביים אבשטימען אויף א פערזאמלונג].

ayes have it (איז העוו איט) די מעהרהייט פון די שטימען זיינען פאר.

Aza'lea *n.* (ע-זיי'-לי-א) די אזאליע [א מין בלום].

Azalea

az'imuth *n.* (עז'-אי-מאטה) א האריזאנטאלער קרייז-בויגען וואס איז איינגעשלאסען צווישען דעם מערידיאן פון וועלכען עס איז פלאץ און צווישען א ווערטיקאלען קרייז, וועלכער געהט דורך דעם צענטער פון א שטערן [בענוצט אין אסטראנאמיע פאר דעם צוועק צו בעשטימען דעם ריכטיגען ארט פון א שטערן אין הימעל].

az'imuth cir'cle (עז'-אי-מאטה סויר'קל) א געוויסער טעלעסקאפ [שפאקטיוו] פאר אסטראנאמישע צוועקען.

az'imuth com'pass (עז'-אי-מאטה קאמ'-פעס) דער אזימוט קאמפאס [אן אסטראנאמישער אפאראט מיט א מאגנעט-

נאַדעל און ציפער־בלאַט וואָס ווערט בענוצט אויף שיפען צו בעשטימען דעם ריכטיגען פּלאַץ פון די שטערען אין הימעל, כדי צו וויסען פון זיי די ריכטונג פון דער שיף].

az'imuth di'al (עז'-אי-מאַטה דאַי'-על) אַזאַ זון־זייגער פאַר אַסטראָנאָמישע צוועקען.

azo'ic *a.* (ע-זאָו'-איק) לעבענסלאָז, אָהן לעבען.

azon'ic *a.* (ע-זאַנ'-איק) וואָס בעלאַנגט ניט צו קיין ספּעציעלען געגענד.

az'ote *n.* (עז'-אוט) אַזאָט, שטיק־שטאָף [אַ כעמישער עלעמענט].

az'ote ac'id (עז'-אוט עס'-איד) סאַלפּעטער־זויערע [אַזאַ כעמישער שטאָף].

azot'ic *a.* (ע-זאַט'-איק) וואָס ענטהאַלט אָדער איז ענהליך צו שטיק־שטאָף.

az'otite *n.* (עז'-אָ-טאַיט) סאַלפּעטער־זויערער זאַלץ.

az'otize *v.* (עז'-אָ-טאַיז) זעטיגען אָדער פערבינדען מיט שטיקשטאָף.

azo'tous *a.* (ע-זאָו'-טאָס) סאַלפּעטריג.

azo'tous ac'id (ע-זאָו'-טאָס עס'-איד) סאַלפּעטריגע זויערע.

azotu'ria *n.* (עז-אָ-טיו'-רי-אָ) אַ קראַנקהייט, ביי וועלכער עס ווערט אַרויסגעבראַכט צופיעל אורין [השתנה].

az'ure *n, a. and v.* (עזש'-אור) הימעל־בלוי; הימעל־בלויער קאָליר; פאַרבען מיט אַ הימעל־בלויען קאָליר.
ז. איל. *"Colors"*

az'ure-spar *n.* (עזש'-אור-ספּאַר) בלוי־שפּאַט [אַזאַ מינעראַל].

az'urite *n.* (עזש'-יו-ראַיט) לאַזור־שטיין.

az'ure-stone *n.* (עזש'-אור-סטאָון) ז. *azurite*

az'ygous *a.* (עז'-אי-גאָס) וואָס האָט ניט קיין זיווג, וואָס האָט ניט קיין פּאָר.

az'ym *n.* (עז'-אים) מצה, אונגעזייערטעס ברויט.

az'yme *n.* (עז'-אים) ז. *azym*

azym'ic *a.* (ע-זימ'-איק) וואָס איז ענהליך צו מצה; אונגעזייערט.

az'ymous *a.* (עז'-אי-מאָס) ז. *azymic*

B

B, b (בי) דער צווייטער בוכשטאַב פון דער *a-b-c*

B. A. *Bachelor of Arts* אַבקירצונג פון

baa *n. and v.* (באַ) מעקען [ווי אַ שעפּס]; מעקעריי.

Ba'al *n.* (ביי'-על) דער אָבגאָט בעל ביי די כנענים און סיריער.

Ba'alism *n.* (ביי'-על-איזם) דאָס דיענען דעם גאָט בעל [דער גאָט פון די אַלטע פעניציער אָדער כנענים].

Ba'alist *n.* (ביי'-על-איסט) איינער וואָס דיענט דעם גאָט בעל [דער גאָט פון די אַלטע פעניציער, כנענים].

bab *n.* (בעב) זויגלינג, קליין קינד.

bab'-bal'lads *n.* (בעב'-בעל'-עדז) קינדערשע ליעדער.

bab'blative *a.* (בעב'-לע-טיוו) פּלאַפּלענדיג, פּלוידערענדיג.

bab'ble *n. and v.* (בעבל) פּלאַפּלען; פּלוידערען; מורמלען; פּלוידעריי, פּלאַפּלעריי, מורמעל.

bab'blement *n.* (בעבל'-מענט) פּלאַפּלעריי; פּלוידעריי; מורמעל.

bab'bler *n.* (בעב'-לער) פּלאַפּלער; פּלוידערזאַק.

bab'bling *n. and a.* (בעב'-לינג) פּלוידעריי, פּלאַפּלעריי; פּלוידערענדיג, פּלאַפּלענדיג, מורמלענדיג.

bab'blingly *adv.* (בעב'-לינג-לי) פּלאַפּלענדיג; מורמלענדיג; דורך פּלוידעריי.

bab'bly *a.* (בעב'-לי) פּלוידערענד.

bab'by *n.* (בעב'-אי) אַ זויגלינג, קליין קינד.

babe *n.* (בייב) זויגלינג, קליין קינד.

babe'hood *n.* (בייב'-הוד) ז. *babyhood*

Ba'bel *n.* (ביי'-בעל) דער טהורם פון בבל; אַ צומישעניש, אַ געטומעל; דיא מדינה אָדער שטאָדט בבל.

ba'bel *n.* (ביי'-בעל) אַ צומישעניש, אַ געטומעל.

ba'boo *n.* (באַ'-בוה) אַ טיטעל פון העפליכקייט געברויכט ביי די איינגעבאָרענע אין אָסט אינדיען, ענהליך צו "הערר" אָדער "מיסטער".

babirous'sa *n.* (בעב-אי-רוה'-סאַ) ז. *babirussa*

babirus'sa *n.* (בעב-אי-רוה'-סאַ) דער ווילדער האָרנדיגער אָסט־אינדישער חזיר.

baboon' *n.* (בע-בוהן') פּאַוויאַן [אַזאַ אַבעזיאַנע].

Baboon

babu' *n.* (באַ-בוה') ז. *baboo*

ba'by *n., a. and v.* (ביי'-בי) זויגלינג, קליין קינד; קינדיש; בעהאַנדלען ווי אַ קינד.

ba'by-farm *n.* (ביי'-בי-פאַרם) אַן אָרט וואו מען נעהמט אויף קינדער צו האָדעווען.

ba'by-far'mer *n.* (ביי'-בי-פאַר'-מער) איינער, וועלכער נעהמט אויף קינדער צו האָדעווען.

ba'by-far'ming *n.* (ביי'-בי-פאַר'-מינג) דאָס אַננעהמען קליינע קינדער צום האָדעווען; דאָס אַננעהמען קליינע קינדער אין אַן אַנשטאַלט, וואו מען פּטר'ט זיי.

ba'byhood *n.* (ביי'-בי-הוד) קינדהייט; קינדער־יאָהרען.

ba'by-house *n.* (ביי'בי-האַוס) אַ שטיבעלע פאַר ליאַלקעס.

ba'by in arms (ביי'-בי אין אַרמז) אַ קינד, וועלכע מען מוז נאָך טראָגען אויף דיא הענד.

ba'by in the eye (ביי'-בי אין טהי אַי) דאָס קליין מענשעלע, וואָס מען זעהט אין שוואַרץ־אַפּעל פון אויג.

ba'byish *a.* (ביי'-בי-איש) קינדיש.

ba'byism *n.* (ביי'-בי-איזם) דער צושטאַנד און די נאַטור פון קליינע קינדער.

ba'by-jum'per *n* (ביי'-בי-דזשאַמ'-פער) אַזאַ קינדער שטולכעל אויפגעהאַנגען אויף גומענע שניר צום וויעגען.

ba'by-lin'en *n.* (ביי'-בי-לינ'-ען) קינדער־וועש.

Bab'ylon *n.* (בעב'-אי-לאַן) בבל, די הויפּטשטאָדט פון דעם קעניגרייך בבל.

Babylo'nian *a.* (בעב-אי-לאָו'-ני-ען) פון בבל.

Babylo'nian hour (בעב-אי-לאָו'-ני-ען אור) דער צוועלפטער טייל פון טאָג; די שטונדען פון זונען־אויפגאַנג [אַלס אַנפאַנג פון טאָג].

Babylon'ic *a.* (בעב-אי-לאַנ'-איק) וואָס איז שייך צו בבל.

Babylo'nish *a.* (בעב-אי-לאָו'-ניש) ז. *Babylonian*

ba'by rib'bon (ביי'-בי ריב'-אָן) אַ שמאָל אַטלאַס בענדעל.

ba'by things (ביי'-בי טהינגז) קינדער־שפּיעל־זאַכען.

bac'ca *n.* (בעק'-ע) יאַגדע.

baccalau'reate *n. and a.* (בעק-ע-לאָה'-רי-אייט) דער טיטעל פון אַ באַקאַלאַורעס [אַן אַקאַדעמישע מדרגה. פון בילדונג אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ, פאַר אַזעלכע וואָס ענדיגען אַ העכערע בילדונגס־אַנשטאַלט]; וואָס איז שייך צו אַ באַקאַלאַורעס.

baccalau'reate ser'mon (בעק-ע-לאָה'-רי-אייט סויר'-מאָן) אַן אַבשיעדס־רעדע צו שטודענטען, וועלכע האָבען געענדיגט זייער שטודיום אין דער הויכשוהל.

baccara' *n.* (בעק-ע-ראַ') אַ מין קאָרטען־שפּיעל.

baccarat' *n.* (בעק-ע-ראַ') ז. *baccara*

bac'cate *a.* (בעק'-אייט) ווי אַ יאַגדע; וואָס גיט אַרויס יאַגדעס.

bac'cated *a.* (בעק-איי'-טעד) פול מיט יאַגדעס; בעזעצט מיט פּערל.

bacchana'lia *n.* (בעק-ע-ניי'-לי-ע) באַקכוס־פעסט [אַ טרינק־יום־טוב אין אַלטען גריכענלאַנד לכבוד באַקכוס דעם גאָט פון וויין]; וואַקכאַנאַליע, שכרות, הולטאַיסטווע.

bacchana'lian *n. and a.* (בעק-ע-ניי'-לי-ען) אַ באַקכאַנט, שיכור; לעבע־יונג; הולטאַי; וואָס איז שייך צו אַ באַקכאַנט.

bac'chant *n. and a.* (בעק'-ענט)

מעשה שכור; לעבע־יונג; הולטאי, באק־כאנט.

bac'chante *n.* (בעק׳-ענט) א פריס־טערין אדער פרוי וואס דיענט צום גרי־כישען ווייז־גאט באקכוס; אן אונמאראַ־לישע פרוי.

bacchan'tic *a.* (בעק-ען׳-טיק) באקכאנ־טיש. ז. *bacchant*

Bac'chus *n.* (בעק׳-אס) [דער באקכוס גאט פון וויין ביי די אלטע גריכען].

baccif'erous *a.* (בעק-סיפ׳-ער-אס) וואס איוף וואס עס וואקסען יאגדעס.

bac'ciform *a.* (בעק׳-סי-פארם) וואס האט דיא פארמע פון א יאגדע.

bacciv'orous *a.* (בעק-סיוו׳-א-ראס) וואס עסט יאגדעס.

bach'elor *n.* (בעטש׳-על-אר) א בחור, אונפערהייראטער; דער ערשטער אקא־דעמישער טיטעל אין די ענגלישע און אמעריקאנישע העכערע לעהר־אנשטאלטען.

bach'elordom *n.* (בעטש׳-ע-לאר-דאם) בחורשאפט; דאס לעבען אונפערהייראט.

bach'elorhood *n.* (בעטש׳-ע-לאר-הוד) בחורשאפט; דאס לעבען אונפערהייראט; דער ערשטער אקאדעמישער טיטול [אין ענגלאנד און אמעריקא].

bach'elorism *n.* (בעטש׳-ע-לאר-איזם) בחור׳שאפט; דאס לעבען אונפערהייראט.

Bach'elor of Arts (בעטש׳-ע-לאר אוו ארטס) אקאדעמישער טיטול אין די ענג־לישע און אמעריקאנישע אוניווערזיטעטען.

Bach'elor of Sci'ence (בעטש׳-ע-לאר אוו סאי׳-ענס) באקאלאראוס פון וויסענשאפט [אן אקאדעמישער טיטעל].

bach'elor's-but'ton *n.* (בעטש׳-ע-לארז באטן) אזא פלאנצע וואס האט קנאפפערמיגע בלומען.

bach'elor's hall (בעטש׳-ע-לארז האהל) א בחור׳ס היים, אדער א הויז פון וועל־כען די פרוי איז אוועק.

bach'elorship *n.* (בעטש׳-ע-לאר-שיפ) ז. *bachelorhood*

Bacilla'ria *n.* (בע-סי-לעי׳-רי-ע) די באצילאריען [א סארט זעהר קליינע וואס־סער־פלאנצען וואס מען קען זעהן נאר דורך א מיקראסקאפ].

bac'illary *a.* (בעס׳-אי-לע-רי) עהנליך צו א שטעקעל; וואס אנבעלאנגט צו בא־צילען.

bacil'li *n.* (בע סיל׳-אי) באצילען.

Bacilli

bacil'liculture *n.* (בע-סיל׳-אי-קאל־טשור) דאס האדעווען באצילען [מיקרא־סקאפישע בעשעפעניסען] מיט דעם ציעל צו שטודירען זייער ארט לעבען און וויר־קען.

bacil'liform *a.* (בע-סיל׳-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א שטעקעל.

bacil'lus *n.* (בע-סיל׳-אס) א באציל.

back *n., v., a. and adv.* (בעק) 1. דער רוקען, דיא הינטער־זייט פון עפעס; 2. דער קערפער [אין בעצוג צו בעקליי־דונג]; 3. אונטערשטיצען; 4. זיך צוריק בעוועגען, זיך צוריקציהען; צוריקשטוי־סען; 5. וואס געפינט זיך פון הינטען; הינטען, הינטערווייליג, צוריק.

1. The garden is in the **back** of the house. 3. I shall **back** my friend with money for his business. 5. He came **back** from his trip to Chicago.

back a horse against' the field (בעק ע הארס ע-גענסט׳ טהי פיעלד) האל־טען א געוועט פאר איין פערד געגען אלע אנדערע [אין וועט־לויף].

back all astern'! (בעק אהל עס-טוירן׳) רודערט צוריק [מיט דעם הינ־טערטייל פון שיף פאראוים]!

back an an'chor (בעק ען ען׳-קאר) אויפהויבען אן אנקער פון א שיף און צו־בינדען איהם.

back and bel'ly (בעק ענד בעל׳-אי) קליידונג און עסען.

back and forth (בעק ענד פאורטה) הין און צוריק.

The swing goes **back and forth.**

back a war'rant (בעק ע וואר׳-ענט) אויספיהרען א געריכטליכען בעפעהל אימע־צען צו ארעטירען; וועטען אויף עטוואס.

back'bite *v.* (בעק׳-באיט) פערליימדען, בעריידען, רכילות טרייבען.

back'biter *n.* (בעק׳-באי-טער) פער־ליימדער; בעריידער, רכילות־טרייבער.

His troubles with his partner were caused by **backbiters.**

back'biting *n.* (בעק׳-באי-טינג) פער־ליימדונג, רכילות.

back'bitingly *adv.* (בעק׳-באי-טינג-לי) פערליימדעריש, רכילות׳דיג.

back'-blow *n.* (בעק׳-בלאו) א ריק־ווערטס קלאפ; אן אונגעלומפערטער קלאפ.

back'board *n.* (בעק׳-באורד) א הינ־טערשטע לעהנברעט ביי דער זיצבאנק אויף א שיפעל; א רוקען ברעט.

back'bone *n.* (בעק׳-באון) 1. רוקען ביין; 2. שטייפע האלטונג, קוראזש, אונ־בויגבארע ענטשלאסענהייט.

1. He fell and broke his **backbone.** 2. No man can lead others if he has no **backbone.**

back'-door *n.* (בעק׳-דאור) א הינטער־טהיר; א געהיימע טהיר.

back'-down *n.* (בעק׳-דאון) דאס אונ־טערשטיצען מיט עפעס: דאס אונטערלע־גען; דאס אונטערגעבען זיך.

backed *a.* (בעקט) וואס האט א רוקען; וואס זיצט רייטענדיג; וואס לעהנט זיך אן; אונטערגעשטיצט.

back'en *adv. and v.* (בעק׳ן) ז. *back*

back'-end *n.* (בעק׳-ענד) לעצטער טייל.

back'-en'trance *n.* (בעק׳-ען׳-טרענס) א הינטערשטער אריינגאנג.

back'er *n.* (בעק׳-ער) אן אונטערשטי־צער, א העלפער [ספעציעל מיט געלד]; א וועטענדער.

back'fire *v.* (בעק׳-פאיר) מאכען אי־מיסטענע א שרפה, אום אבצוהאלטען א פייער [אום ניט צו לאזען א פייער ווײ־טער זיך צו פערשפרייטען, צינדט מען אומיסטענע אן א געביידע אדער א געוויסע שטרעקע אין וואלד און נאכדעם ווי מען לעשט עס אוים, בלייבט א לעדיגער אדער אבגעברענטער פלאץ, וועלכער ערלויבט ניט דעם אנקומענדען פייער זיך צו פער־שפרייטען ווייטער].

back'-fire *n.* (בעק׳ פאיר) א פייער וואס ווערט אומיסטענע געמאכט, אום אבצושטע־לען א שרפה. ז. *backfire*

back'-friend *n.* (בעק׳-פרענד) א כלימר׳שטדיגער פריינד, א פערבארגענער שונא; אן אונטערשטיצער.

back'-game *n.* (בעק׳-גיים) א מין שפיעל אין ביינדלעך.

backgam'mon *n.* (בעק געמ׳ אן) ז. *back-game*

backgam'mon-board *n.* (בעק-געמ׳-אן-באורד) אזא ברעט וואס ווערט בע־נוצט פאר א געוויסען שפיעל מיט ביינד־לעך [דאס ברעט איז עהנליך צו א דאמ־קעס ברעט, נאר אנשטאט די קעסטעלעך זיינען פאראן אנדערע פיגורען].



Backgammon-board

back'ground *n.* (בעק׳-גראונד) הינ־טערגרונד.

back'hand *n. and a.* (בעק׳-הענד) מיט דער לינקער זייט פון האנד; א האנד־שריפט וואס דיא בוכשטאבען בויגען זיך צו לינקס; אונגינסטיג, הינטען־ארום.

back'handed *a.* (בעק׳-הענד-עד) מיט דער לינקער זייט פון דער האנד; אונבע־שטימט, צווייידייטיג, סארקאסטיש; גע־דרעהט פערקעהרט [וועגען א שטריק].

back'house *n.* (בעק׳-האוס) אן אבטריט [בית הכסא]; א געביידע הינטער דער הויפט־געביידע.

back'ing *n.* (בעק׳-אינג) אונטערשטי־צונג; צוריקטרעטונג.

back'ing and fil'ling (בעק׳-אינג ענד פיל׳-אינג) אונענטשלאסען.

back'log *n.* (בעק׳-לאג) די שייט האלץ אין אויוועז, וועלכע ברענט אם בעסטען.

back'most *a.* (בעק׳-מאוסט) גאר דער הינטערשטער.

back oars (בעק אורז) רודערן צוריק.

back'-pain'ting *n.* (בעק׳-פיינ׳-טינג) דאס אויסמאהלען מיט פארבען אויף א גלאז נאך א געדרוקט בילד וואס איז אנ־געקלעפט אויף דער אנדערער זייט פון גלאז.

back'-pay'ment *n.* (בעק׳-פיי׳-מענט) נאך ניט אויסגעצאהלטער חוב.

back'piece *n.* (בעק׳-פיעס) דער הינ־טערטייל; דער הינטערטייל פון א פאנ־צער; אזא הייליג בילד אין א קלויסטער.

back'-room *n.* (בעק׳-רוהם) א הינטער־צימער.

back'-seat *n.* (בעק׳-סיעט) א נידריגער שטאנד; א פלאץ ביי דער טהיר, א פלאץ הינטער׳ן אויוועז.

A defeated candidate often has to take a **back-seat** in politics.

back'set *n. and v.* (בעק׳-סעט) צוריק־שטויסונג; אנגרייפען פון הינטען.

back'-set'tlements *n.* (בעק׳-סעטל׳-מענטס) די ווייטעסטע [וועסטליכע] קא־לאניעס אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; דיא ווייטע קאלאניעס אין א לאנד.

back'-set'tler *n.* (בעק׳-סעט-לער) אן איינוואהנער פון א ווייטע קאלאניע אין א לאנד [ספעציעל אין דיא ווייטע וועסט־ליכע געגענדען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען].

back'-shop *n.* (בעק׳-שאפ) הינטערצי־מער אין א קראם אדער אין א ווערק־שטאט.

back'side *n.* (בעק׳-סאיד) די הינטערשטע זייט; דער הינטערטייל.

backslide' *v.* (בעק-סלאיד׳) אבטריניג ווערען; צוריקווייכען, אבפאלען [ווי פון רעליגיאָן]; פערוואַרפען; פערלאָזען.

backsli'der *n.* (בעק-סלאי׳-דער) 1. איינער וואס פאלט פון עפּעס אב; א משומד; איינער וואס פערלאָזט זיין גלויבען, אדער פּרינציפּען; 2. איינער וואס קעהרט זיך אום צוריק צו זיינע פריהערדיגע זינד.
2. Many reformed drunkards often become **backsliders.**

backsli'ding *n.* (בעק-סלאי׳-דינג) דאס אבפאלען פון גלויבען; שמד; דאס ניט פאלגען די לעהרען פון רעליגיאָן; געזונקענהייט.

backsli'dingness *n.* (בעק-סלאי׳-דינג-נעס) שמד, אבטריניגקייט אדער אבפאלונג פון רעליגיאָן אדער פון געוויסע מאראלע פּרינציפּען; געזונקענהייט.

back'-slum *n.* (בעק-סלאם) א שמוציגע הינטער-גאס; א שמוציגע נאכבארשאפט [אן ארט אין א שטאדט, וואו עס וואהנט דער אבפאל פון דער געזעלשאפט]; א רינטערטהיר.

back'-staff *n.* (בעק׳-סטעף) אן אסטראנאמישער אפאראט צום אויסגעפינען די הויך פון דער זון אויף׳ן ים.

back'stair *n.* and *a.* (בעק׳-סטעהר) די שטיגען פון צוויימען זייט הויז; פּריוואט-אריינגאנג; פלאטקעמאכעריי; רכילות; וואס איז שייך צו א פּריוואט-אריינגאנג, הינטען-ארום, דורך רכילות אדער אינטריגען.

back'stairs *n.* and *a.* (בעק׳-סטעהרז) ז. ***back-stair***

back'stay *n.* (בעק׳-סטיי) א שטיצע פון הינטען; דער שטריק וואס בינדט אן דעם זעגעל צו דער הינטערשטער זייט פון שיף.

back'stitch *n.* and *v.* (בעק׳-סטיטש) דער שטעפּשטאך [ביים נעהען]; שטעפּען.

back'-street *n.* (בעק׳-סטריעט) הינטער-גאס.

back'-string *n.* (בעק׳-סטרינג) א פיהר-שנור [מיט וועלכער מען האלט צו א קינד פון הינטען, ווען עס לערענט זיך געהן].

back'-stroke *n.* (בעק׳-סטראוק) ז. ***back-blow***

back'-sword *n.* (בעק׳ סאורד) איינשניידיגער שווערד [א שווערד וואס האט א שארף בלויז פון א זייט]; א ראפּיער [אזא מין שווערד].

back'swordman *n.* (בעק׳-סאורד-מען) א ראפּיער פעכטער.

back talk (בעק טאהק) צוריק אבענטפערען; פרעך אבענטפערען.
A teacher should not permit **back talk** from pupils.

back the sails (בעק טהי סיילז) צוריקלעגען דעם זעגעל; צוריקגעהן.

back to back (בעק טו בעק) רוקען צו רוקען; מיט׳ן רוקען געקעהרט איינער צום אנדערען.

back'-trick *n.* (בעק׳-טריק) ריקטריט [ביים טאנצען]; אן אויסוועג.

back up (בעק אפּ) אונטערהאלטען אדער שטיצען אימעצען; שטופּען אדער געהן צוריק; איבערקעהרען; אין באלשפּיעל — שטעהן אהינטער [מיט׳ן ציעל אבצוּאוואַרפען דעם באל צוריק בעת ער פליהט פארביי].

back'ward *adv.* and *a.* (בעק׳-הוואָרד) 1. צוריק; ריקווערטס; הינטערוויילעך; אין א געגענגעזעצטע ריכטונג; קאפּויער; 2. צוריקגעבליבען; הינטערשטעליג; ניט פּראגרעסירט; פויל; אונווילליג; פערשפּעטיגט; צוריקגעהאלטען; וואס שטערט; וואס ווירקט געגען; וואס געהט צוריק.
1. On his **backward** journey he visited London. 2. **Backward** children need special training.

back'ward and for'ward (בעק׳-הוואָרד ענד פאר׳-הוואָרד) הין און הער.

back'ward-fruits *n.* (בעק׳-הוואָרד-פרוהטס) שפּעט-פרוכט [פרוכט וואס ווערט שפּעט רייף].

back'wardly *adv.* (בעק׳-הוואָרד-לי) אין א געגענגעזעצטע ריכטונג; ריקווערטס; צוריק; אונווילליג, פויל; ווירקענדיג געגען; אבגענייגט; צוריקגעבליבען.

back'wardness *n.* (בעק׳-הוואָרד-נעס) לאנגזאמקייט; ווידערווילען; הינטערשטעליגקייט; אבגענייגטקייט; פוילקייט; שלאפקייט.

back'wards *adv.* (בעק׳-הוואָרדז) ז. ***backward***

back'wards in du'ty (בעק׳-הוואָרדז אין דיו׳-טי) פערנאכלעסיגט די פפליכטען.

back'water *n.* (בעק׳-הוואָה-טער) דאס רודערען ריקווערטס דורך בייטען די שטעלונג פון דיא רודערס; א שטעהענדעס וואסער; דאס וואסער, וואס ווערט אויפגעהויבען פון די רעדער פון א דאמפּשיף; א צוריקגעהאלטענעס וואסער; דאס ארויסמאכען זיך פון עפּעס.

back'woods *n.* (בעק׳-הוואודז) די ווייטע וועסטליכע וואלד-געגענדען אין אמעריקא; א געגענד וואס קומט ווייניג אין בעריהרונג מיט דער ציוויליזירטער וועלט.

back'woodsman *n.* (בעק׳-הוואודז-מען) איינער וואס וואהנט אין די פערוואָרפענע ווייטע וועלדער.

back'-wound *n.* and *v.* (בעק׳-הוואונד) פערליימדען; פערוואונדען הינטען-ארום; א וואונד אויף׳ן רוקען, א וואונד געמאכט הינטען-ארום.

back'-wound'ing *a.* (בעק׳-הוואונד׳-אינג) פון הינטען פערוואונדעט; פערליימדעט.

back'-yard *n.* (בעק׳-יארד) א הינטער-הויף.

ba'con *n.* (ביי׳-קאן) געריכערט שווייַנען-פלייש.

ba'con-bee'tle *n.* (ביי׳-קאן-ביעטל) אזא זשוק פון העל-ברוינעם קאליר [דאס ווערימעל פון וועלכען דיעזער זשוק ענטוויקעלט זיך איז בעדעקט מיט לאנגע האר און איז בעקאנט דערמיט וואס עס צופרעסט די געשטאפּטע חיות אין מוזעאומס].

Bacon-beetle

ba'con-hog *n.* (ביי׳-קאן-האג) אבגעקארמעטער שוויין [וואס זיין פלייש ווערט געברויכט צו טרוקענען אדער רויכערען].

Baco'nian *a.* and *n.* (בע-קאו׳-ני-ען) וואס איז שייך צו דעם ענגלישען פילאזאף לארד בעקאן אדער זיינע טעאריען; אן אנהענגער פון לארד בעקאן אדער פון זיינע טעאריען; איינער וואס גלויבט, אז דער אמת׳ער פערפאסער פון שעקספּיער׳ס ווערק איז לארד בעקאן.

bacte'ria *n.* (בעק-טי׳-רי-א) באקטעריען [אזעלכע קליינע מיקראסקאפּישע בעשעפּעכישען].

bacte'rial *a.* (בעק-טי׳-רי-על) וואס בעלאנגט אדער איז עהנליך צו א באקטעריע.

bacte'ricidal *a.* (בעק-טי׳-רי-סאי-דעל) וואס טויטעט דיא באקטעריען.

bacte'ricide *n.* (בעק-טי׳-רי-סאיד) א זאך וואס טויטעט די באקטעריען.

bacte'rioid *a.* (בעק-טי׳-רי-איד) וואס איז עהנליך אדער איז שייך צו באקטעריען.

bacte'rium *n.* (בעק-טי׳-רי-אם) א באקטעריע; א מיקראב.

bac'teroid *a.* (בעק׳-טי-ראיד) ז. ***bacterioid***

bacteroid'al *a.* (בעק-טי-ראיד׳-על) ז. ***bacterioid***

bac'ulus *n.* (בעק׳-יו-לאס) א צויבער שטעקען; א שטאק וואס דיענט אלס צייכען פון הערשאפט.

bad *a.* (בעד) שלעכט; בייז; קרענקליך; שעדליך; אונגעזונד.

bad bar'gain (בעד באר׳-גען) א שלעכט געשעפט; א שלעכטער אבשנים.

bade (בעד) אנגעבאָטען; געבעטען; בעפוילען. ז. ***bid***

bad egg (בעד עג) א שלעכט איי; א ווערטהלאזע ספּעקולאציאָן; א ווערטהלאזער מענש.

bad for'tune (בעד פאר׳-טשון) אן אונגליק.

badge *n.* and *v.* (בעדזש) א צייכען, עטוואס וואס ווערט געטראגען אלס צייכען; בעצייכנען, אויסצייכנען, שטעמפּלען; די אונטערשטע גאלעריע אין א שיף.

badge'less *a.* (בעדזש׳-לעס) אהן אן אבצייכנונג.

badg'er *n.* and *v.* (בעדזש׳-ער) 1 א דאקס [אזא חיה, אין חומש האט זי דעם נאמען תחש]; 2. א בארשט געמאכט פון דאקסען-האר; 3. קוועלען, פּייניגען; 4. ארונטעררייסען פון פּרייז.
3. It is not fair to **badger** a witness. 4. He wants to **badger** the price.


Badger

badg'ering *n.* (בעדזש׳-ער-אינג) דאס קויפען תבואה אדער פּראוויאנט אין איין ארט און פערקויפען אין אן אנדערען צוליעב ריוח.

badg'er-legged *a.* (בעדזש׳-ער-לעגד) מיט איין פוס לענגער פון אנדערען.

bad grace (בעד גרייס) און׳חן; ווידערווילען.

bad gram'mar (בעד גרעמ׳-ער) אן אונגראמאטיקאלישער אויסדרוק, אן אונגראמאטיקאלישע שפּראך.

bad health (בעד העלטה) שלעכטע געזונדהייט; קראנקהייט.

bad hours (בעד אורז) 1. שפּעטע שטונדען; 2. דיא שלעכטע נאכטשטונדען ביי א קראנקען.
1. He keeps **bad hours.**

ba'dian *n.* (ביי'-די-ען) אזא כינעזישע פרוכט.

Badian

badinage' *n.* (בעד-אי-נעזש') שפאס, קאטאוועס.

bad job (בעד דזשאב) א שלעכטער עסק; א שלעכטע ארבייט.

bad lan'guage (בעד לענ'-גהוועדזש) אונהעפליכע אדער גראבע רייד.

bad look (בעד לוק) א שלעכט אויסזעהן.

bad luck (בעד לאק) אן אונגליק.

bad'ly *adv.* (בעד'-לי) זעהר צרה'דיג; דרינגענד; געפעהרליך; ארעמזעליג; קראנק; שלעכט; שווערליך.

bad'ly need'ing (בעד'-לי ניעד'-אינג) דרינגענד נויטיג האבען.

bad'ly off (בעד'-לי אף) אויף צרות.

bad'ness *n.* (בעד'-נעס) שלעכטקייט, בייזקייט.

bad o'dor (בעד או'-דאר) א שלעכטע רעפיטאציע, א שלעכטער נאמען; א שלעכטער גערוך.

bad pa'pers (בעד פיי'-פערז) ווערטהלאזע אקציעס.

bad success' (בעד סאק-סעס') א שלעכטער סוף; א דורכפאל.

baf'feta *n.* (בעפ'-ע-טא) אסט-אינדישער באוועלשטאף.

baf'fle *v.* (בעפל) צום נארען מאכען; צו נישט מאכען; בעטריגען; אבנארען די האפנונגען; ארויסשלאגען פון טאלק; ערשטוינען; שטרעבען אהן ערפאלג.

His unexplained absence baffled all of us.

baf'fle descrip'tion (בעפל דעס-קריפ'-שאן) זיך ניט לאזען בעשרייבען; ניט קענען בעשריבען ווערען.

The beauty of the forest baffles description.

baffled hopes (בעפלד האופס) ענטוישטע, אבגענארטע האפנונגען.

baf'fler *n.* (בעפ'-לער) צוישטערער; צונישט-מאכער; איינער וואס שלאגט ארויס פון טאלק; איינער וואס ענטוישט; א פערניכטענדער געגען-בעווייז; א זאך וואס מאכט איינעם צום שווייגען.

baf'fling *a.* (בעפ'-לינג) טייטשענדיג; צונישט-מאכענד; ארויסשלאגענד פון טאלק.

baf'flingly *adv.* (בעפ'-לינג-לי) מאכענדיג צו נישט; ארויסשלאגענדיג פון טאלק.

baf'fling wind (בעפ'-לינג הווינד) א ווינד וועלכער בייט אפט זיין ריכטונג.

baf'fy-spoon *n.* (בעפ'-אי-ספוהן) אזא פערבויגענער שטעקען, מיט וועלכען מען שפיעלט גאלף.

bag *n.* and *v.* (בעג) א זאק; א בייטעל; א יאגד-בייטעל; א רייזע-זאק; פאקען אין זעק; אויפבלאזען זיך; אנבלאזען [ווי די זעגעל פון א שיף]; פאנגען; ארייןשטעקען אין יאגד-בייטעל; שיסען; ארייןווארפען דעם באל אין ביליארד-בייטעל.

bag and bag'gage (בעג ענד בעג'-עדזש) זאק און פאק.

bagass' *n.* (בע-געס') ז. *bagasse*.

bagasse' *n.* (בע-געס') דער אבפאל פון ציקער ראהר אדער אנדערע פרוכט, נאכדעם ווי דער זאפט ווערט אויסגעדריקט.

bagatelle' *n.* (בעג-ע-טעל') 1. א באגאטעל, קלייניגקייט; 2. טיוואלי-שפיעל [אזא מין ביליארד].

1. To a millionaire the sum of $10,000 is a mere bagatelle.

bagatelle'-board *n.* (בעג-ע-טעל'-באורד) א ברעט בענוצט צום טיוואלי-שפיעל.

baga'zo *n.* (בע-גא'-טהאו) ז. *bagasse*.

bag'-faste'ner *n.* (בעג'-פעס'-נער) דאס שלעסעל פון א טייסטער אדער בייטעל.

bag'-fox *n.* (בעג'-פאקס) א פוקס בעהאלטען אין א זאק [וועלכען ניט געראטענע יעגערס נעהמען מיט אויף דער יאגד און לאזען איהם ארויס צו יאגען זיך נאך איהם ווען עס מאכט זיך ניט קיין אנדערער].

bag'ful *n.* (בעג'-פול) א פולער זאק; א פולער יאגד-בייטעל.

bag'gage *n.* (בעג'-עדזש) באגאזש, רייזע-געפעק; א טויגעניכטס [הויפטזעכליך ווענען א פרוי]; א לוסטיגער יונג.

bag'gageman *n.* (בעג'-עדזש-מען) דער געפעק אדער באגאזש-טרעגער.

bag'gage-mas'ter *n.* (בעג'-עדזש-מעס'-טער) אן אנגעשטעלטער אויף אן אייזענבאהן אדער דאמפף-שיף, וועלכער האט די אויפזיכט איבער'ן באגאזש.

bag'gage-room *n.* (בעג'-עדזש-רוהם) א באגאזש-צימער.

bag'gage-truck *n.* (בעג'-עדזש-טראק) א האנד-וועגעל, אויף וועלכען מען פיהרט איבער באגאזש אויף אן אייזענבאהן-סטאציאן אדער אין א האפען.

bag'ging *n.* (בעג'-אינג) דאס איינפאקען אין זעק; לייוועגד צום פאקען, זאק לייוועגד; דאס פילטרירען אדער דורכזייהען דורך לייוועגד.

bag'gy *a.* (בעג"-אי) וויא א זאק; וואס הענגט ווי א זאק; אויפגעבלאזען ווי א זאק.

He wears baggy trousers.

bag'man *n.* (בעג'-מען) האנדעלס-רייזענדער.

bag'-net *n.* (בעג'-נעט) נעץ-זאק [צו כאפען פיש].

bagn'io *n.* (בענ'-יאו) באד, מרחץ; באדדעל; געפענגנים [אין טערקיי].

bagn'io-keep'er *n.* (בענ'-יאו-קיעפ'-ער) א בעדער.

bagn'io-pan'der *n.* (בענ'-יאו-פענ'-דער) א שקלאפען געפענגנים היטער; א בארדעל-ווירטה.

bag one's self (בעג הוואנז סעלף) זיך אליין ארייננארען אין זאק.

bag'pipe *n.* and *v.* (בעג'-פאיפ) דודעל-זאק אדער זאק-פייף [א מין מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס זעהט אויס ווי א זאק]; מאכען עהנליך צו א זאק-פייף.

Bagpipe

bag'piper *n.* (בעג'-פאי-פער) א שפיעלער אויף א דודעל-זאק.

bag'-pud'ding *n.* (בעג'-פוד'-אינג) אזא פודינג געמאכט אין א זעקעל.

bah! *int.* (בא) בא! [אן אויסרוף פון פעראכטונג, שטארקער אונצופרידענהייט אדער אונגלויביגקייט].

bail *n.* and *v.* (בייל) בירגשאפט [ערבות]; דער ערב; געבען ערבות; זיין אן ערב; ארויסנעהמען אן ארעסטירטען אויף ערבות; אן עמער אדער שויפעל אויסצושעפען וואסער פון א שיפעל; אויסשעפען; פערזארגען מיט א געבויגענעם עמער-הענטעל אדער א רייף; א רייף-הענטעל פון אן עמער אדער אן אנדער עהנליכע כלי; אן אבטיילונג אין א שטאל צווישען איין פערד און דעם אנדערען.

bail'able *a.* (בייל'-עבל) וואס מען קען ארויסנעהמען אדער ארויסלאזען אויף ערבות.

bail'able case (בייל'-עבל קיים) א פאל וואו דער אנגעקלאגטער קען ארויסגעלאזען ווערען אויף ערבות.

bail'-bond *n.* (בייל'-באנד) זאלאג [משכון] וואס ווערט געלעגט פאר איינעם וואס ווערט בעפרייט פון ארעסט אונטער ערבות.

bailee' *n.* (ביי-ליע') אן אפוטרופוס.

bai'ler *n.* (ביי'-לער) אן ערב, איינער וואס גיט ערבות; דער וואס נעהמט איבער צו זיין אפעקון [אפוטרופוס] איבער אימיצענס פערמעגען.

bai'ley *n.* (ביי'-לי) די געמויערטע וואנד ארום א שלאס אדער געפענגנים; דער הויף פון א פעסטונג אדער שלאס.

bai'lie *n.* (ביי'-לי) ז. *bailey*.

bai'liff *n.* (ביי'-ליף) לאנדריכטער, ריכטער פון א בעצירק [אויעזד]; גערעכטס-דיענער; דער מאגיסטראט פון א פארשטעדטעל, דארף א. ז. וו.; פערוואלטער פון א גוט.

bai'liwick *n.* (ביי'-לי-הוויק) דער געריכטס בעצירק אדער אמט פון א לאנדריכטער.

bail'ment *n.* (בייל'-מענט) די איבערגעבונג פון איינעמס איינענטום אונטער אימיצענס אויפזיכט פאר א געוויסען צוועק; די ארויסנעהמונג פון אן ארעסטירטען דורך ערבות.

bai'lor *n.* (ביי'-לאר) ז. *bailer*.

bail out (בייל אוט) ארויסנעהמען אויף ערבות.

The arrested peddler was bailed out.

bail'-piece *n.* (בייל'-פיעס) א בעשטעטיגטער דאקומענט פון א געריכט פאר א פערזאן, וואס וויל ארויסנעהמען אן ארעסטירטען אויף ערבות.

bails'man *n.* (ביילז'-מען) אן ערב; איינער וואס נעהמט ארויס אן ארעסטירטען אויף ערבות.

bait *n.* and *v.* (בייט) 1. די צוציהונגס שפייז; צוציהען; 2. אנהעצען, אנרייצען; פלאגען; קוועלען; ערביטערען; רייצונג; 3. האדעווען, שפייזען, כאפען א בייס [אויף א רייזע].

1. To catch fish one must have suitable bait. 2. Some people think it is fun to bait the foreigners.

bait a hook (בייט ע הוק) ארויפשטעקען דאס ווערעמעל אויף'ן אנגעל [אנצולאקען די פיש]; איינעם פערלאקען דורך זיין ליעבלינגס שפייז

bai'ting *n.* (ביי'-טינג) העצע; אנרייצונג; צוציהונג, אנלאקונג.

baize *n.* and *v.* (בייז) אזא דיקער וואָ=

לענער נעוואנד [בענוצט פאר טישטיכער און פארטיערען]; בעדעקען מיט דיזען געוואנד.

baj'adere *n.* (בײ׳-ע-דיער) א זינגערין און טענצערין אין אינדיען.

bake *n. and v.* (בײק) באקען; זיך באקען [אויף דער היץ]; טרוקען ווערען, הארט ווערען [דורך היץ]; געבעק.

bake'house *n.* (בײק׳-האוס) א באקהויז.

ba'ker *n.* (בײ׳-קער) א בעקער; א קליין באק-אויוועלע.

ba'ker-legged *a.* (בײ׳-קער-לעגד) קרומ-פיסיג.

ba'ker's doz'en (בײ׳-קערז דאזן) א בעקערס דוצענט [דרייצעהן אדער פיער-צעהן].

ba'kery *n.* (בײ׳-קער-אי) א בעקעריי.

ba'king *n.* (בײ׳-קינג) דאס באקען; דאס געבעק.

ba'king-dish *n.* (בײ׳-קינג-דיש) באק-שיסעל.

ba'king-pan *n.* (בײ׳-קינג-פען) באק-פאן.

ba'king-plate *n.* (בײ׳ קינג-פלײט) באק-בלעך.

ba'king-pow'der *n.* (בײ׳-קינג-פאו׳-דער) א באק-פראשעק [וואס ווערט גע-ברויכט אנשטאט הייוען].

ba'king-trade *n.* (בײ׳-קינג-טרײד) בעקער האנדווערק.

bak'shish *n.* (בעק׳-שיש) באקשיש [שוחד, כאבאר, א מתנת יד אין טערקיי און אנדערע לענדער אין אריענט].

Balæ'na *n.* (בע-ליע׳-נע) אזא מין פויגלען וואס צייכנען זיך אויס מיט זייער גרויסען קאפ און גרויסען ברייטען שנא-בעל.

balalai'ka *n.* (בעל-ע-לאי׳-קא) די באַ-לאלאיקא [א מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט דריי סטרונעס. ווערט געברויכט הויפטזעכליך אין רוסלאנד].

bal'ance *n. and v.* (בעל׳-ענס) 1. דער באלאנס פון א וואג; די וואג; איבער-געוויכט; איבערשוס; דער אונרוה פון א זייגער; גלייכגעוויכט, דאס אויסגלייכען וואג-שאלען; 2. דער באלאנס פון א רעכ-נונג, דער סך הנשאר אין שולדען; א פער-גלייכונג; מאכען דעם באלאנס [אבשטימען רעכנונגען]; 3. אבוועגונג; דאס שלאגען זיך מיט דער דעה; באלאנסירען, זיך האל-טען אין גלייכגעוויכט; אבוועגען, זיך שלאגען מיט דער דעה.

2. Bookkeepers **balance** their accounts every month. 3. The decision is still in the **balance**.

Balance

bal'anceable *a.* (בעל׳-ענס-עבל) וואס מען קען באלאנסירען. ז. ***balance***

bal'ance account' (בעל׳-ענס ע-קאונט׳) פערגלייכען דעם סך הכל פון דע-בעט און קרעדיט אדער פון אייננאהמען און אויסגאבען; אונטערציהען דעם סך הכל.

bal'ance-beam *n.* (בעל׳-ענס-בים) וואג-באלקען [דער שטאנג פון א וואג]; דער באלאנס-באלקען אין א בעוועגליכער בריק.

bal'ance books (בעל׳-ענס בוקס) בא-לאנסירען די ביכער, בעקומען א ידיעה וועגען צושטאנד פון געשעפט.

bal'ance car'ried for'ward (בעל׳-ענס קער׳-איד פאר׳-הווארד) איבערגע-טראגענער באלאנס, איבער-געטראגען די זאלדא אויף א נייעם בלאט [אין בוך-פיהרונג].

bal'anced in account' (בעל׳-ענסט אין ע-קאונט׳) דורך געגענזייטיגע אב-רעכנונג זאלדירט [אויסגעגליכען, קווי-טירט].

bal'anced ra'tion (בעל׳-ענסד ריי׳-שאן) נאהרהאפטע פוטער פאר בהמות.

bal'ance-fish *n.* (בעל׳-ענס-פיש) דער האמער-פיש [אזא מין היי-פיש].

bal'ance in cash (בעל׳-ענס אין קעש) דער בעשטאנד פון דער קאסע.

bal'ance-ma'ker *n.* (בעל׳-ענס-מײ׳-קער) וואגשאל מאכער.

bal'ance of accounts' (בעל׳-ענס אוו ע-קאונטס׳) אויסגלייכונג פון רעכנונגען.

bal'ance of cash (בעל׳-ענס אוו קעש) ז. ***balance in cash***

bal'ance of pow'er (בעל׳-ענס אוו פאו׳-ער) דאס גלייכגעוויכט צווישען די מעכטע אדער פארטייען; די איבערגע-וויכט, וואס א קליינע פארטיי אין א פאר-לאמענט קען געבען צו איינער פון די גרוי-סע פארטייען, אז זי זאל האבען די מא-יאריטעט.

England holds the **balance of power** in Europe.

bal'ance of trade (בעל׳-ענס אוו טרײד) דער אונטערשייד אין ווערטה צווי-שען אריינגעפיהרטע סחורה אין א לאנד און ארויסגעפיהרטע.

We have a favorable **balance of trade.**

bal'ancer *n.* (בעל׳-ענ-סער) דער וואס וועגט אב; איינער אדער עטוואס וואס האלט אין גלייכגעוויכט; איינער וואס בא-לאנסירט, אז אקראבאט, א שטריק-טענ-צער.

bal'ance-sheet *n.* (בעל׳-ענס-שיעט) א געשעפטס-טאבעלע, וועלכע צייגט דעם ריכטיגען צושטאנד פון א געשעפט אין אלע זיינע פרטים.

bal'ancing *a.* (בעל׳-ענ-סינג) האלטענ-דיג דאס גלייכגעוויכט, באלאנסירענדיג.

bal'ancing-pole *n.* (בעל׳-ענס-אינג-פאול) גלייכגעוויכט שטאנג [א שטאנג געברויכט פון שטריקטענצער אום צו האל-טען דאס גלייכגעוויכט].

bal'as *n.* (בעל׳-עס) ז. ***balas-ruby***

bal'as-ru'by *n.* (בעל׳-עס-רו׳-בי) אזא רובינארטיגער שטיין פון בלאס-רויטען קא-ליר.

balaus'tine *n.* (בע-לאס׳-טין) די בליי-הונג פון דעם ווילדען גראנאט עפעל-בוים.

bal'cony *n.* (בעל׳-קא-ני) באלקאן; גאלעריע



Balcony

bald *n. and a.* (באהלד) קאהל, אהן האר, פליכעוואטע; א גראז פלאץ אויף׳ן שפיץ פון א הויכען בארג; וואס האט א ווייסען פלעק אויף׳ן געזיכט אדער קאפ [ביי פויגעל אדער חיות]; אינהאלטלאז, קראפטלאז; בוכשטעבליך; ניט שעהן, ניט בעפוצט, פשוט; אפען, אונפערשטעלט.

bal'dachin *n.* (בעל׳-דע-קין) באלדא-כין; איבערשפרייטונג; חופה.

baldachi'no *n.* (בעל-דע-קי׳-נאו) ז. ***bladachin***

bald'-buz'zard *n.* (באהלד׳-באז׳-ארד) ביינברעכער [א גרויסער רויבפויגעל וואס בויט זיין נעסט אויף הויכע בערג].

bal'derdash *n.* (באהל׳-דער-דעש) פלוי-דעריי; א מישמאש; א צונויפמישענעס פון געטרענקע.

bald'face *n.* (באהלד׳-פײס) א פערד מיט א ווייסען פלעק אויף׳ן שטערען; פראסטע וויהסקי [אזא בראנפען].

bald'-faced *a.* (באהלד׳-פײסט) מיט א ווייסען קאפ אדער מיט ווייסע פלעקען אויף׳ן קאפ [וועגען חיות].

bald'head *n.* (באהלד׳-העד) א פליי-כעוואטער; אזא הויז-טויב.

bald'-head'ed *a.* (באהלד׳-העד׳-עד) איי-נער וואס האט א פליך.

bald'ly *adv.* (באהלד׳-לי) מיט א פליך; אזוי ווי מיט א פליך.

bald'ness *n.* (באהלד׳-נעס) די קאהל-הייט, פליכעוואטקייט.

bald'pate *n.* (באהלד׳-פײט) א פליי-כעוואטער; אזא ענטעל [קאטשקע] מיט א ווייסען פלעק אויפ׳ן קאפ.

bald'-pa'ted *a.* (באהלד׳-פײ׳-טעד) וואס האט א פליך; פליכעוואטע.

bal'dric *n.* (באהל׳-דריק) א גארטעל, א לענטע; אז אקסעל-לענטע [פון א שווערד].

bal'dy *n.* (באהל׳-די) א פליכעוואטער.

bale *n. and v.* (בײל) נעפעק, פאק; אונגליק, פערדערבעניש; פאקען אין פעק.

Cotton is sold in **bales.**

baleen' *n.* (בע-ליען׳) פיש ביין [ביין פון וואלפיש].

baleen'-knife *n.* (בע-ליען׳-נאיף) אזא געבויגענער מעסער מיט צוויי הענטלעך צום שניידען פיש-ביין.

bale'-fire *n.* (בײל׳-פאיר) סיגנאל-פייער, פייערצייכען [א פייער וואס ווערט גע-מאכט צו דיענען אלס צייכען פון ווייטען].

bale'ful *a.* (בײל׳-פול) זעהר שעדליך, פערדערבליך; עלענד; אונגליקליך.

bale'fully *adv.* (בײל׳-פול-אי) אויף א שעדליכען אדער פערדערבליכען אופן; עלענד; אונגליקליך.

bale'fulness *n.* (בײל׳-פול-נעס) פער-דערבליכקייט; שעדליכקייט.

bale up (בײל אפ) איינפאקען.

balis'ta *n.* (בע-ליס׳-טא) באליסטא [בליסטאות], ווארף-מאשינע [א מאשי-נע פאר מלחמה צווערקען אין די אלטע צייטען צו ווארפען שטיינער].

balize' *n.* (בע-ליז׳) א לייכט-טורעם; א צייכען פאר שיפען אויף דעם ים.

balk *n. and v.* (באהק) באלקען; גע-גראבענע רינע צווישען בייטען אדער פעל-דער; טוישונג; פערניכטונג; שאדען; אי-בערגעהן, אויסלאזען; פערמיידען עפעס צו טהאן; טוישען; ווידערשרייטען; זיך איינ׳עקשנ׳ען און ניט וועלען געהן פון ארט [ביי פערד].

The burglars were **balked** in their plans.

bal'ker *n.* (באה׳-קער) שאדען-מאכער; צונישט-מאכער; א וועגווייזער פאר הע-

רינג־פישער [ווייזט אין וועלכע ריכטונג די הערינג שווימען].

balk′-staff *n.* (באהק׳-סטעף) א דובינע [צו שלאגען זיך].

bal′ky *a.* (באה׳ קי) איינגע׳עקשנ׳ט; וואס וויל ניט געהן פון ארט.
The mule is the most **balky** of animals.

ball *n. and v.* (באהל) [צום א פילקע שפיעלען]; א קויל; א באל; טאנץ־פעסט; מאכען רונד; מאכען א קויל; אויסקייקלען א רונד קניידעל.

bal′lad *n. and v.* (בעל׳-עד) די באלאדע [ערצעהלונגס געדיכט]; א פאלקס־ליעד; א טאנץ־ליעד; זינגען גאסען ליעדער; פערפאסען א באלאדע.

bal′lader *n.* (בעל׳-עד-ער) איינער וואס שרייבט אדער זינגט באלאדען.

bal′lad-farce *n.* (בעל׳-עד-פארס) קאמי־שע באלאדע מיט מוזיק.

bal′ladism *n.* (בעל׳-עד-איזם) די כא־ראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון בא־לאדען אדער ערצעהלונגס־געדיכטע.

bal′ladist *n.* (בעל׳-עד-איסט) א באלא־דען־דיכטער; א באלאדען־זינגער.

bal′ladize *v.* (בעל׳-עד-איז) שרייבען אדער דערצעהלען אין דער פארם פון א באלאדע אדער ערצעהלונגס־געדיכט.

bal′lad-ma′ker *n.* (בעל׳-עד מיי׳-קער) א באלאדען־שרייבער.

bal′ladmonger *n.* (בעל׳-עד-מאנ-גער) א באלאדען־פערקויפער; א באלאדען־פער־פאסער.

bal′lad-wri′ter *n.* (בעל׳-עד-ראי׳-טער) א באלאדען־שרייבער.

bal′larag *v.* (בעל׳-ע-רעג) שימפפען, זידלען.

bal′last *n. and v.* (בעל׳-עסט) באלאסט; די צוגעלעגטע זאמד און שטיינער אין א שיף, כדי עס זאל האבען דאס נויטיגע גע־וויכט; האלטען אין גלייכגעוויכט; ארויפ־לעגען באלאסט.
A ship without freight must carry **ballast**.

bal′last-en′gine *n.* (בעל׳-עסט-ענ׳-דזשין) א דאמפף־מאשין צו גראבען און צו שלעפען זאמד אדער ערד פון א טייך כדי איהם טיעפער צו מאכען.

bal′last-ham′mer *n.* (בעל׳-עסט-העמ׳-ער) א גרויסער צווייזייטיגער האַ־מער מיט א לאנגען שטיל, וועלכער ווערט בענוצט ביים לעגען רעלסען [שינען] פון אן אייזענבאהן.

bal′last-hea′ver *n.* (בעל׳-עסט-היע׳-ווער) א באלאסט־טרעגער אויף א שיף; א מאשין צו גראבען און שלעפען זאמד אדער ערד פון א טייך איהם טיעפער צו מאכען.

bal′lasting *n.* (בעל׳-עסט-אינג) דאס אנלאדען מיט באלאסט; דאס מאטעריאל וואס ווערט געברויכט פאר באלאסט.

bal′last-ligh′ter *n.* (בעל׳-עסט-לאי׳-טער) א באלאסט־טרעגער אויף א שיף; א פלאכע שיף צום פיהרען באלאסט.

bal′last-trim *n.* (בעל׳-עסט-טרים) א שיף וועלכע האט נור באלאסט אבער ניט קיין פראכט.

ball′-bear′ing *n.* (באהל׳-בעהר׳-אינג) א קוגעל־לאגער [דער לאגער פון אן אקס אדער וואל, וואס איז אויסגעלעגט מיט שטאהלענע קייקלעך, כדי צו פערקלענערען די רייבונג פון אקס אדער וואל, וואס דרעהט זיך אין דיעזען לאגער].

balleri′na *n.* (בעל-לע-רי׳-נא) א בא־לעט־טענצערין.

bal′let *n.* (בעל׳-עט) א קליינע קויל, א קליינע פילקע.

bal′let *n.* (בעל׳-איי) דאס באלעט, ביה־נען־טאנץ אין א טהעאטער.

bal′let-dan′cer *n.* (בעל׳ איי דענ׳-סער) א באלעט־טענצער אדער טענצערין.

bal′let-girl *n.* (בעל׳-איי-גוירל) א באלעט־טענצערין.

bal′let-mas′ter *n.* (בעל׳ איי מעס׳-טער) א באלעט־פיהרער, א באלעט־דירעק־טאר.

bal′ling *n.* (באה׳-לינג) דאס מאכען רונד ווי א קויל; דאס אויסקייקלען אין א קויל.

bal′ling-i′ron *n.* (באה׳-לינג אי׳ ערן) אזא איינגעבויגענער אייזען אבצורייניגען די קאפיטעס פון פערד פון שנעע.

bal′ling-machine′ *n.* (באה׳-לינג-מע-שין׳) א מאשין צו וויקלען באוועל־פאדים אין קנוילען.

ballis′ta *n.* (בע-ליס׳-טא) **balista** .ז

ballis′tic *a.* (בע-ליס׳-טיק) וואס בע־לאנגט צו דער ווארף־מאשין אדער צו דער ארבייט, וואס ווערט מיט איהר געטהאן.

ballis′tics *n.* (בע-ליס׳-טיקס) די קונסט ווי צו געברויכען די ווארף־מאשין; באליסטיק [די לעהרע ווי אויסצורעכענען דעם פליה־וועג פון געווארפענע געגענשטענ־דע, ספעציעל פון ארויסגעשאסענע קוילען].

ball of the earth (באהל אוו טהי אירטה) ערדקוגעל.

ball of the knee (באהל אוו טהי ניע) קניע־ביין.

balloon′ *n.* (בע-לוהן׳) א באלאן, א לופט־באלאן; אזא רונד גלאז־פלעשעל מיט א קורצען האלז, וואס ווערט בענוצט אין כעמישע לאבאראטאריעס.

ballooned′ *a.* (בע-לוהנד׳) אויפגעבלא־זען ווי א באלאן.

balloo′ner *n.* (בע לוה׳ נער) א לופט־באלאן־פליהער.

balloon′-fish *n.* (בע-לוהנ׳-פיש) דער באלאן־פיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף ווי א באלאן].

balloon′ine *n.* (בע-לוהנ׳-אין) א פארב מיט וועלכער מען בעדעקט דאס זייד פון באלון, כדי דער גאז זאל ניט קענען דורכ־דרינגען.

balloo′ning *n.* (בע-לוה׳-נינג) דאס פליהען אין א לופט־באלאן; דאס אויפ־הויבען א טומעל מיט לויב־געזאנגען ווע־גען געוויסע ווערטה־פאפיערען, כדי זייער פרייז זאל שטייגען, אדער ווענען א קאנ־דידאט אין פארלאמענט, כדי ער זאל ער־וועהלט ווערען.

balloo′nist *n.* (בעל׳-לוה׳-ניסט) א לופט־באלאן פליהער.

balloon′ry *n.* (בע-לוהנ׳-רי) דאס פלי־הען אין א לופט־באלאן.

bal′lot *n. and v.* (בעל׳-אט) וואהל־גאל־קע; דאס ווארפען פון די גאלקעס; וואהל־צעטעל; די שריפטליכע שטימ־אבגאבע; דאס בעשטימען עפעס דורך א גורל; בא־לאטירען [אבשטימען דורך גאלקעס אדער וואהל־צעטלעך]: בעשטימען דורך ציהען א גורל.

ballotade′ *n.* (בעל-א-טייד׳) דער לופט־שפרונג פון א פערד.

bal′lotage *n.* (בעל׳-אט-עדזש) שטיך־וואהלען [צווייטע וואהלען צווישען צוויי קאנדידאטען, וועלכע האבען ביי די ער־שטע וואהלען געקראגען די מעהרסטע שטי־מען].

bal′lot-box *n.* (בעל׳-אט-באקס) שטימ־קאסטען [דאס קעסטעל וואו מען ווארפט די גאלקעס אדער וואהל־צעטעל ביים אב־שטימען].

bal′lot-box-stuf′fing *n.* (בעל׳-אט-באקס-סטאפ׳-אינג) דאס אנשטאפען דעם שטימ־קאסטען [שטימ־קאסטענס מיט דא־פעל דעקען, וואו עס ווערען ארייגעלעגט פאלשע וואהל־צעטלען אדער גאלקעס, כדי צו פעלשען די אבשטימונג].

bal′loter *n.* (בעל׳-אט-ער) איינער וואס גיט אב זיין שטימע דורך א גאלקע אדער וואהל־צעטעל; א מאשין צום צעהלען און פערצייכענען די גאלקעס אדער וואהל־צעטלעך.

bal′loting *n.* (בעל׳-אט-אינג) דאס בא־לאטירען; דאס אבשטימען.

bal′loting-machine′ *n.* (בעל׳-אט-אינג-מע-שין׳) א מאשין אדער פארריכ־טונג ביים שטימקאסטען צו צעהלען און פערצייכנען די צאהל אבגעגעבענע שטי־מען.

ballotte′ment *n.* (בע-לאט׳-מענט) א געוויסע מעטאדע צו דערגעהן צי איז א פרוי שוואנגער אדער ניט.

ball′-plan′ting *n.* (באהל׳-פלענ׳-טינג) דאס ארויסנעהמען בוימער ביים איבער־פלאנצען צוזאמען מיט דער ערד ארום די ווארצלען.

ball′-proof *a.* (באהל׳-פרוהף) קוילען־זיכער, וואס א קויל קען ניט דורכשיסען.

ball′-room *n.* (באהל׳-רוהם) טאנץ־זאל.

ball′-rub′ber *n.* (באהל׳-ראב׳-ער) קאו־טשוק פון פערו וואס ווערט געוועהנליך טראנספארטירט אין גרויסע קנוילען.

ball′-throm′bus *n.* (באהל׳-טהראמ׳-באס) א פערגליווערטער בלוט־קנויל וואס בילדעט זיך איז הארצען פאר׳ן טויט.

balm *n. and v.* (באהם) באלזאם; זאלב־אויל; א באלזאם־בוים; אזעלכע אראמאטישע פלאנצען; גוטריכענדע זאלב; א מיטעל וואס שטילט שמערצען; טרויסט; באלזאמירען; זאלבען; טרויסטען, בערו־היגען; היילען.

bal′mily *adv.* (באה׳-מי-לי) ארויסגעבענ־דיג באלזאם; שמעקענדיג ווי באלזאם; שטילענדיג די שמערצען.

bal′miness *n.* (באה׳-מי-נעס) דאס זיין ווי באלזאם.

balm′-mint *n.* (באהם׳-מינט) ציטראנענ־מעליסע [אזא הייל־זאלב].

balm of Gile′ad (באהם אוו גיל׳-עד) באלזאם פון גלעד [הייל־באלזאם]; א שנעל־טרויסטענדער מיטעל.

Balm of Gilead

balmor′al *n.* (בעל-מאר׳-על) אזא דיקע געשטרייפטע וואלען־געוואנד, א קלייד גע־מאכט פון אזא שטאף; לייכטע שיך מיט שנירלעך.

bal'my *a.* (באה'-מי) די אייר האַבענדיג גענשאַפּט ווי באַלזאַם; וואָס שמעקט ווי באַלזאַם; אַרויסגעבענדיג באַלזאַם; ערפרישענד, היילענד.

bal'neary *a.* (בעל'-ני-ע-רי) וואָס איז שייך צו באָדען זיך אָדער צו בעדער.

bal'nearies *n.* (בעל'-ני-ע-ריז) די באָד-שטוב אָדער די זאַכען וואָס זיינען נויטיג פאַר באָדען זיך.

bal'neatory *a.* (בעל'-ני-ע-טאָ-רי) וואָס איז שייך צו באָדען זיך אָדער צום אויפזעהער איבער די בעדער.

balneog'raphy *n.* (בעל-ני-אָג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון בעדער, מינעראַלע וואַסערען און זייער היילונגס-אַרט.

balneolog'ical *a.* (בעל-ני-אָ-לאָדזש'-אי-קעל) וואָס איז שייך צו באַלנעאָלאָגיע. *balneology* .ז

balneol'ogy *n.* (בעל-ני-אָל'-אָ-דזשי) באַלנעאָלאָגיע [די וויסענשאַפט וועגען בעדער אַלס אַ הייל-מיטעל].

balneotherapeu'tics *n.* (בעל-ני-אָ-טהער-ע-פיו'-טיקס) די וויסענשאַפט וועגען היילען זיך מיט מינעראַלע וואַסערען אָדער דורך באָדען זיך אין ים און טייכען.

balneother'apy *n.* (בעל-ני-אָ-טהער'-ע-פי) .ז *balneotherapeutics*

bal'otade *n.* (בעל'-אָ-טייד) .ז *ballotade*

bal'sam *n. and v.* (באַהל'-סעם) באַלזאַם, באַלזאַם-בוים; באַלזאַמירען; זאַלבען.

balsam'ic *a.* (באַהל-סעמ'-איק) וואָס איז ווי באַלזאַם; וואָס גיט אַרוים באַלזאַם; וואָס היילט ווי באַלזאַם.

balsam'ical *a.* (באַהל-סעמ'-איק-על) .ז *balsamic*

balsam'ically *adv.* (באַהל-סעמ'-אי-קעל אי) אַזוי ווי באַלזאַם.

balsamif'erous *a.* (באַהל-סע-מיפ'-ע-ראַס) וואָס גיט אַרוים באַלזאַם.

balsami'na *n.* (באַהל-סע-מאַי'-נאַ) .ז *balsamine*

bal'samine *n.* (באַהל'-סעמ-אין) באַלזאַם-פלאַנצע.

bal'samous *a.* (באַהל'-סעמ-אַס) וואָס האָט די איינגענשאַפטען פון באַלזאַם; וואָס ענטהאַלט באַלזאַם.

bal'sam-tree *n.* (באַהל'-סעם-טריע) דער באַלזאַם בוים.

bal'samy *a.* (באַהל'-סעמ אי) עהנליך צו באַלזאַם.

Bal'tic *a.* (באַהל'-טיק) וואָס איז שייך צום באַלטישען ים.

Bal'timore bird (באַהל'-טי-מאָר בויררד) .ז *Baltimore oriole*

Bal'timore o'riole (באַהל'-טי-מאָר אָ'-רי-אָול) אַן אַמעריקאַנער פויגעל פון שוואַרצען קאָליר מיט אַן אָראַנזשען-פאַרביגען בייכעל און שפּיצען-פליגעל.

Balto. *Baltimore* אַבקירצונג פון

ba'lu *n.* (באַ'-לו) אַזאַ ווילדע קאַץ וואָס געפינט זיך אין סומאַטראַ.

bal'uster *n.* (בעל'-אַס-טער) אַ געלענדער [מעקה]; אַ פּאַרענטשע; גאַניק; אַ שטאַנגעטקע פון אַ געלענדער אָדער פּאַרענטשע.

bal'ustered *a.* (בעל'-אַס-טערד) וואָס האָט אַ געלענדער.

balustrade' *n.* (בעל-אַס-טרייד') אַ פּאַרענטשע זיך אָנצוהאַלטען [ביי טרעפּ]; אַ געלענדער [מעקה]; אַ גאַניק.

balustra'ded *a.* (בעל-אַס-טריי'-דעד) וואָס האָט אַ באַלוסטראַדע אָדער אַ פּאַרענטשע.

balustra'ding *n.* (בעל-אַס-טריי'-דינג) דאָס מאַכען אַ פּאַרענטשע איבער אַ גאַניק אָדער איבער טרעפּ; פּאַרענטשעס, גאַניקעס.

bam *n. and v.* (בעם) בעטרינגער; בעטרוג; בעטריגען, אָבנאַרען.

bambi'no *n.* (בעמ-בי'-נאָ) אַ קליין קינד; דאָס קינדער-בילד פון קריסטוס.

bamboo' *n. and v.* (בעמ-בוה') באַמבוס-בוים; באַמבוס-ראָהר; שלאָגען מיט באַמבוס-ראָהר

Bamboo

bamboo'zle *v.* (בעמ-בוה'זל) בעטריגען; אָבנאַרען; אַריינגנאַרען.

bamboo'zlement *n.* (בעמ-בוהזל'-מענט) דאָס בעטריגען; דאָס אַריינגנאַרען.

bambooz'ler *n.* (בעמ-בוהז'-לער) בעטריגער, אָבנאַרער.

bam'bosh *n.* (בעמ'-באַש) אַן אָבנאַרעריי.

bambou'la *n.* (בעמ-בוה'-לאַ) אַזאַ קליינע פּויק פון באַמבוס-ראָהר בעצויגען מיט אַ שעפּסענע פעל; אַ טאַנץ אונטער דעם טאַקט פון אַזאַ פּויק.

ban *n. and v.* (בען) פּערוויזונג; אַרויסטרייבונג; פּערפלוכען; אַריינלעגען אין חרם; אויסשליסען; אַסט-אינדישער מוסלין; עפּענטליכער אויסרוף; עפּענטליכע בעקאַנטמאַכונג; די בעקאַנטמאַכונג אין קירכע וועגען אַ תנאים אָדער חתונה [מיט דעם צוועק זיך צו דערוויסען אויב איינער פון דעם פּאָר איז שוין ניט פּערהייראַט פון פריהער].

ban'al *a.* (בענ'-על) באַנאַל; אַלגעמיין, געמיין, געוועהנליך; איבערגעקייעט; אָבגעדראָשען; אונטערגעוואָרפען דעם פעאָדאַלען [פריצישען] דיענסט.

banal'ity *n.* (בע-נעל'-אי-טי) באַנאַליטעט. ז. *banal*

banan'a *n.* (בע-נען'-ע) באַנאַנע [אַ בעקאַנטע פרוכט וועלכע וואַקסט אין וואַרימע געגענדען]; באַנאַנע-בוים.


Banana

banc *n.* (בענק) אַ ריכטער-זיץ.

band *n. and v.* (בענד) 1. באַנד, בענדעל; בינדע; פּערבינדונג; באַנדע; אַ מחנה סאָלדאַטען; אַ קאָמפּאַניע מוזיקאַנטען; 2. בינדען, פּערבינדען, פּעראייניגען.

1. The hat has a silk **band.** 2. The neighbors **banded** together to improve their part of the city.

ban'dage *n.* (בענ'-דעדזש) בינדע, פּערבאַנד; באַנדאַזש.

Bandage

ban'dager *n.* (בענ'-דעדזש-ער) איינער וואָס פּערבאַנדאַזשירט אָדער פּערבינדט וואונדען.

ban'dagist *n.* (בענ'-דעדזש-איסט) באַנדאַזשיסט [איינער וואָס מאַכט באַנדאַזשען].

ban'dalore *n.* (בענ'-דע-לאָור) אַזאַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט. ז. *bandore*

bandan'a *n.* (בען-דענ'-ע) אַזאַ גרויסע קאָלירטע טאַשענטוך.

bandan'na *n.* (בען-דענ'-ע) .ז *bandana*

band'box *n.* (בענד'-באָקס) אַ שאַכטעל [צום האַלטען היט און אַנדערע זאַכען].

band'boxical *a.* (בענד'-באָק-סי-קעל) וואָס איז די גרויס ווי אַ שאַכטעל. ז. *bandbox*

band'-coup'ling *n.* (בענד'-קאַפּ'-לינג) דאָס פּעראייניגען די עקען פון אַ באַנד.

band'-dog *n.* (בענד'-דאָג) אַ קייט-הונד; אַזאַ מין גרויסער הונד.

bandeau' *n.* (בען-דאָו') אַ שמאָל בענדעל; אַ שטערען-באַנד.

ban'ded *a.* (בענ'-דעד) וואָס האָט שטרייפען אָדער בענדער; צוגעבונדען מיט אַ באַנד; פּעראייניגט אין אַ פּערבאַנד.

ban'ded struc'ture (בענ'-דעד סטראַק'-טשור) אין געאָלאָגיע — דער געבוי פון אַ פעלז, וועלכער בעשטעהט פון שטיין-שיכטען וואָס ליגען איינע אויף די אַנדערע און אונטערשיידען זיך לויט זייער קאָליר, גרויס, דיקקייט א. ד. ג.; אין מינעראַלאָגיע — אַ מינעראַל [ווי למשל, דער אָניקס], וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט ווי פון בלעטער אָדער שיכטען אַרויפגעלעגט איינע אויף די אַנדערע.

bande'let *n.* (בענד'-לעט) אַ קליין בענדעל; אַ קליין לייסטעל אויף אַ זייל.

ban'der *n.* (בענ'-דער) איינער וואָס בעלאָנגט צו אַ פּערבאַנד אָדער פּעראיין.

ban'deret *n.* (בענ'-דע-רעט) אַ שווייצערישער אַרמעע-קאָמאַנדיר.

banderil'la *n.* (בען-דע-ריל'-יאַ) אַ קליינער שפּיז וואָס ווערט בענוצט אין אָקסען-קאַמפּף אין די צירקען [אין די שפּאַניש-שפּרעכענדע לענדער].

ban'derole *n.* (בענ'-דע-ראָול) אַ באַנדעראָל; אַ קליינע פאָהן.

ban'dit *n.* (בענ'-דיט) באַנדיט; גזלן; רויבער; מערדער.

band'-lea'der *n.* (בענד'-ליע'-דער) דיריגענט; קאַפּעלמייסטער.

band'let *n.* (בענד'-לעט) .ז *bandelet*

band′-mas′ter *n.* (בענד׳-מעס׳-טער) ז. ***band-leader***.

band of mu′sic (בענד אוו מיו׳-זיק) מוזיק ארקעסטער.

ban′dog *n.* (בענ׳-דאג) ז. ***band-dog***.

bandoleer′ *n.* (בענ-דא-ליער׳) אקסעל-רימען; פאטראנענטאש-רימען [פון סאלדאטען אדער יעגער]; פויק-רימען [דער רימען אויף וועלכען מען טראגט דעם פויק].

bandolier′ *n.* (בענ-דא-ליער׳) ז. ***bandoleer***.

ban′doline *n. and v.* (בענ׳-דא-לין) אזא האר-פאמאדע; בענוצען דיעזע האר-פאמאדע.

bandore′ *n.* (בענ-דאור׳) אזא אלטער מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס, עהנליך צו א גיטארע.

band′-saw *n.* (בענד׳-סאה) א באנד-זעג, אן ענדלאזע זעג [א זעג וואס איז אין זיך געשלאסען ווי א רינג].

bands′man *n.* (בענדז׳-מען) א מוזיקאנט וואס שפיעלט אין אן ארקעסטער; א גרובען-ארבייטער וואס ארבייט ביים שטריק, מיט וועלכען מען שלעפט ארויף די לאדונג פון א שאכט.

band′-stand *n.* (בענד׳-סטענד) די פלאטפארם פאר׳ן ארקעסטער [אין א פארק, א זאל א. ד. ג.].

band′-work *n.* (בענד׳-הוואירק) דאס ארבייטען קאמפאניעס-ווייז; געמיינשאפטליכע ארבייט, קאאפעראציאן.

ban′dy *n., v. and a.* (בענ׳-די) א שפיעל אין פילקעס; א שטאק, מיט וועלכען מען שליידערט די פילקע אין באל-שפיעל;ווארפען אהין און אהער; שטרייטען; מתוכח זיין; געשטרייפט; געקרימט [וועגען פיס].

ban′dy-leg *n.* (בענ׳-די-לעג) אויסגעבויגענער קרומער פוס.

ban′dy-legged *a.* (בענ׳-די-לעגד) קרום-פיסיג; מיט אויסגעבויגענע פיס.

bane *n.* (ביין) טויטליכער גיפט; פערדערבונג; פערניכטונג.

Noise is the **bane** of city life.

bane′berry *n.* (בייג׳-בער-אי) אזא פלאנצע אויף וועלכער עס וואקסען גיפטיגע יאגדעס.



Baneberry

bane′ful *a.* (ביינ׳-פול) גיפטיג; פערניכטענד; טויטליך.

bane′fully *adv.* (ביינ׳-פול-אי) אויף א פערניכטענדען אדער טויטליכען אופן; גיפטיג.

bane′fulness *n.* (ביינ׳-פול-נעס) גיפטיגקייט; פערדערבליכקיים.

bane′wort *n.* (בייג׳-הוואירט) אזא פלאנצע [מיט וועלכער שאף פערגיפטען זיך].

bang *n., v. and adv.* (בענג) שאס; קנאל; קלאפ; שלאג; שטוים; אן אונערווארטעטע, שנעלע בעוועגונג; שלאגען, צושלאגען; איבערטרעפען; א מין בערוישענדער געטראנק געמישט מיט אפיים; גראד אבשניידען; גראד אבגעשניטענע האר, וועלכע הענגען איבער׳ן שטערען; אונטערהאקען דעם עק פון א פערד; פלוצלונג; מיט אן אונערווארטעטען שטארקען קלאפ.

His hair is cut in **bangs**.

bang a door (בענג ע דאור) פערמאכען די טהיר מיט א קלאפ, א זעץ טהאן די טהיר; איבערציינען מיט "שלאגענדע" בעווייזע.

bang′er *n.* (בענג׳-ער) א בעריהמער; אן איבערטריבענער ליגען; א גראבער, שווערער שטעקען.

bang′hy *n.* (בענג׳-אי) אזא באמבוס-שטעקען אין אסט-אינדיען אויף דעם ענד פון וועלכען עס ווערען אנגעהאנגען קערב מיט משא צו טראגען אויף דער פלייצע; א נאשטשע; א טרעגער.

bang′ing *a.* (בענג׳-אינג) געוואלטיג; געוואלטיג גרוים.

ban′gle *n. and v.* (בענגל) אראבהענגען [ווי די אויערען ביי חיות]; אזא פערציערטער בראסלעט, וואס די פרויען אין אסט-אינדיען טראגען אויף די הענד און די פוס-קנעכלעך; א בראסלעט.

Bangles

ban′gle-ear *n.* (בענ׳גל-איער) אראבגעהאנגענער אויער [ווי ביי חיות].

ban′gle-eared *a.* (בענ׳גל-איערד) מיט אראבגעהאנגענע אויערען.

bang up (בענג אפ) אויפשפרינגען; זיך פלעצליך א הויב טהאן; אנפאלען.

bang′-up *a. and adv.* (בענג׳-אפ) פיין, פאלקאם.

ban′gy *n.* (בענ׳-גי) ז. ***banghy***.

ban′ian *n.* (בענ׳-יען) א שלאפראק, קאפטאן; א סוחר אין אינדיען; אינדישער פייגענבוים.

ban′ian days (בענ׳-יען דייז) די טעג אין וועלכע מאטראזען קריגען ניט קיין פלייש.

ban′ian hos′pital (בענ׳-יען האס׳-פי-טעל) א הייל-אנשטאלט פאר טהיערע.

ban′ish *v.* (בענ׳-איש) פערבאנען, ארויסשיקען, פערשיקען.

Spain **banished** the Jews in 1492.

ban′isher *n.* (בענ׳-איש-ער) דער פערבאנער, פערשיקער, פערטרייבער.

ban′ishment *n.* (בענ׳-איש-מענט) פערבאנונג, ארויסשיקונג, פערשיקונג, גלות.

ban′ister *n.* (בענ׳-איס-טער) א געלענדער, א פארענטשע [פון א טרעפ].

ban′jo *n.* (בענ׳-דזשאו) א מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט פינף סטרונעס.

bank *n. and v.* (בענק) בערגעל; ברעג; זאמד בערגעל, ריפע זאמד; באנק [פין געלד]; באנק געזעלשאפט; האלטען א באנק; אריינלעגען אין א באנק; פיהרען באנק געשעפטען; מאכען א שוץ-וואנד געגען איבערשוועמונג; זיך בעשיצען אונטער א בערגעל.

ban′kable *a.* (בענ׳-קעבל) וואס קען אנגענומען ווערען אין א באנק [ווי גוטע אסיגנאציעס אדער וועקסלען].

bank′-account′ *n.* (בענק׳-ע-קאונט׳) א באנק-קאנטא.

bank a fire (בענק ע פאיר) בעהאלטען פייער אין אש.

bank′-bill *n.* (בענק׳-ביל) באנקנאט, אסיגנאציע; א געזעץ אין פארלאמענט וועגען באנקגעשעפט.

bank′-book *n.* (בענק׳-בוק) באנק-בוך.

bank dis′count (בענק דיס׳-קאונט) דער באנק-דיסקאנט, דער פראצענט וואס די באנק רעכענט אראב פאר דיסקאנטירען א וועקסעל [ווען למשל, איינער דארף בעקומען געלד אויף א וועקסעל אין א צייט ארום און ער וויל האבען דאס געלד שוין, גיט איהם א באנק געלד אויף דיעזען וועקסעל, נאר מען רעכענט איהם אראב א געוויסען פראצענט].

ban′ker *n.* (בענ׳ קער) באנקיר, געלד-וועקסלער, חלפן; א באנק אויף וועלכער עס ווערען געפארמט ציעגעל; א פערד, וואס קען גוט שפרינגען; א באנק-דעקע.

ban′keress *n.* (בענ׳-קער-עס) באנקיערס פרוי; א פרוי א באנקיער.

bank for loans (בענק פאר לאונז) לייה-באנק.

bank′-hol′iday *n.* (בענק׳-האל׳-אי-דיי) א טאג אין וועלכען די בענק זיינען געשלאסען.

ban′king *n. and a.* (בענ׳-קינג) באנק-געשעפט, וועקסעל קאנטאר; וואס איז שייך צו א באנק אדער א באנקיער; דאס אנשיטען ערד ביים ברעג פון טייך, מאכען א שוץ-וואנד געגען א פערפלייצונג.

ban′king-hours *n.* (בענ׳-קינג אורז) געשעפט-שטונדען פון א באנק.

ban′king-house *n.* (בענ׳-קינג-האוס) באנק-הויז.

ban′king-transac′tions *n.* (בענ׳-קינג-טרענס-עק׳-שאנז) וועקסעל-געשעפטען, באנק-געשעפטען.

bank′-note *n.* (בענק׳-נאוט) אסיגנאציע; באנק-נאט.

bank of clouds (בענק אוו קלאודז) א וואלקען מאסע; א וואלקען-וואנד.

bank of dis′count (בענק אוו דיס׳-קאונט) א דיסקאנטא-באנק [א באנק וואו מען דיסקאנטירט וועקסלען].

bank of is′sue (בענק אוו איש׳-או) א באנק וועלכע האט דאס רעכט ארויסצוגעבען אסיגנאציעס אדער באנקנאטען.

bank of oars (בענק אוו אהרז) רודער באנק [דער ברעט וואו די רודער שטעקען אין א שיפעל].

bank′rupt *n., v. and a.* (בענק׳-ראפט) באנקראט; באנקראטירער, אנזעצער; אונפעהיג צו צאהלען חובות; מאכען באנקראט; ווערען באנקראט.

bank′ruptcy *n.* (בענק׳-ראפט-סי) באנקראט, אנזעץ.

bank′ruptcy commis′sioner (בענק׳-ראפט-סי קא-מיש׳א נער) א געריכטס-בעאמטער, אויף וועמען עס ליעגט די אויפגאבע אויסצופארשען און אורטיילען וועגען מענשען וואס האבען באנקראטירט.

bank′rupt-law *n.* (בענק׳-ראפט-לאה) באנקראט-געזעץ.

bankrupt′s estate (בענק׳-ראפטס-עס-טייט׳) אן אנזעצערס פערמעגען.

bank′rupt sys′tem (בענק׳-ראפט סיס׳ טעם) די געזעצען וועלכע בעציהען זיך אויף באנקראטען.

bank′-share *n.* (בענק׳-שעהר) באנק-אקציע.

bank sha'ving (בענק שיי'-ווינג) דאס קויפען וועקסלען בערעכענענדיג זעהר א הויכע דיסקאנטע.

bank'-stock *n.* (בענק'-סטאק) אקציעס פון א באנק.

bank'-transac'tions *n.* (בענק'-טרענס-עק' שאנז) ז. ***banking-transactions***

bank with... (בענק הוויטה) איינלעגען געלד ביי...

ban'ner *n., v. and a.* (בענ'-ער) א פאהן; בעזארגען מיט א פאהן; וואס איז דער הויפט, וואס איז אן דער שפּיצע.

ban'nered *a.* (בענ'-ערד) טראגענדיג די פאהן; בעזארגט מיט א פאהן.

ban'neret *n.* (בענ'-ער-עט) א קליינע פאהן; א פעהנדעל; איינער וואס האט זיך פערדיענט געמאכט צו טראגען די פאהן; דער פאהנען-הערר.

ban'nerless *a.* (בענ'-ער-לעס) אהן א פאהן.

ban'nerman *n.* (בענ'-ער-מען) דער פאהנען-טרעגער.

ban'nerol *n.* (בענ'-ע ראול) ז. ***banderole***

ban'nister *n.* (בענ'-יס טער) ז. ***banister***

bann'ock *n.* (בענ'-אק) האבער-קוכען; גערשטען-קוכען.

banns *n.* (בענז) אז עפענטליכע בעקאנטמאכונג וועגען א תנאים אדער חתונה [מיט דעם צוועק זיך צו דערוויסען אויב איינער פון דער פאר איז שוין ניט פערהייראט פון פריהער].

ban'quet *n. and v.* (בענ'-קהוועט) באנקעט, א מאהלצייט פאר איינעמס עהרע; פעסט; פעסטליך אונטערהאלטען; מאכען א מאהלצייט צו איינעמס עהרע.

ban'queting *n.* (בענ'-קהוועט-אינג) דאס מאכען א באנקעט; דאס לעבען א גוטען טאג.

ban'queting-hall *n.* (בענ'-קהוועט-אינג-האהל) באנקעט-זאל.

ban'queting-room *n.* (בענ'-קהוועט-אינג-רוהם) באנקעט-צימער, שפּייזע-צימער.

banquette' *n.* (באנ-קעט') אן אויפגעווארפענער בערגעל ערד פון וועלכען סאלדאטען שיסען אויף א בעלאגערטען ארט; א בענקעל [אויף א דיליזשאנס]; א טראטואר.

ban'shee *n.* (בענ'-שיע) א פאבעלהאפטע פרוי וועגען וועלכער די פאלקס-מעשה'לעך אין אירלאנד דערצעהלען, אז וואו זי בעוויזט זיך אין א הויז, שטארבט איינער פון דער פאמיליע.

ban'stickle *n.* (בענ'-סטיקל) אזא פיש מיט א שטעכעדיגען רוקען.

ban'tam *n. and a.* (בענ'-טעם) אזא מין קליינע הינדעלע; א קליין מענשעלע; קליין.

ban'ter *n. and v.* (בענ'-טער) שפּאס, שפּאט; לעכערליך מאכען; אבלאכען; אבשפּאטען.

ban'terer *n.* (בענ'-טער-ער) שפּאטער; אבלאכער; שפּאספויגעל.

ban'tery *a.* (בענ'-טער-אי) פול מיט שפּאס אדער שפּאט.

ban'ting *n.* (בענ'-טינג) דאס האלטען זיך אן א געוויסער דיעטע כדי אבצוצערען די פעטקייט [ווערען מאגערער].

bant'ling *n.* (בענט'-לינג) א קליין קינד; א ממזר.

ban'yan *n.* (בענ'-יען) ז. ***banian***

ban'yan-tree *n.* (בענ'-יען-טריע) דער אינדישער פייגענבוים.

Banyan-tree

ban'zai *int.* (בענ'-זאי) עס לעבע דער קעניג! [אן אויסרוף אין יאפּאן. די ווערטערליכע איבערזעצונג איז: צעהן טויזענד יאהר].

ba'obab *n.* (ביי'-א-בעב) אפענברויט-בוים [א זעהר גרויסער בוים, וואס וואקסט אין צענטראל-אפריקא].

Baobab

baptise' *v.* (בעפּ טאיז') טויפען, שמד'ען; אב'שמד'ען ווייל אדער בראנפען [צוגיסען וואסער].

bap'tism *n.* (בעפּ'-טיזם) די טויפע, די קריסטליכע טבילה.

baptis'mal *a.* (בעפּ-טיז'-מעל) וואס בעלאנגט צו דער טויפע.

baptis'mal font (בעפּ-טיז'-מעל פאנט) דער טויף-שטיין.

baptis'mal vows (בעפּ-טיז'-מעל וואוז) דער טויף-נדר.

Bap'tist *n.* (בעפּ'-טיסט) יאהאן דער טויפער [יוחנן המטבל]; אן אנהענגער אדער מיטגליעד פון דער קריסטליכער באפּטיסטישער סעקטע.

bap'tistery *n.* (בעפּ'-טיס-טער-אי) א מקוה אין א קירכע צום טויפען; דער ארט אין דער קירכע וואו עס געפינט זיך די טויף-מקוה.

Baptis'tic *a.* (בעפּ-טיס'-טיק) וואס בעלאנגט צו דעם גלויבען פון באפּטיסטען [א קריסטליכע סעקטע].

Baptis'tical *a.* (בעפּ-טיס'-טיק-על) ז. ***Baptistic***

Baptis'tically *adv.* (בעפּ-טיס'-טיק-על-אי) אין בעצוג צו דער באפּטיסטישער לעהרע; אויף דעם אופן פון די באפּטיסטען.

bap'tistry *n.* (בעפּ'-טיס-טרי) ז. ***baptistery***

bapti'zable *a.* (בעפּ-טאי'-זעבל) טויפבאר; וואס פאסט זיך צום טויפען.

baptize' *v.* (בעפּ-טאיז') טויפען, שמד'ען; אב'שמד'ען ווייל אדער בראנפען [צוגיסען וואסער].

bapti'zer *n.* (בעפּ-טאי'-זער) א טויפער.

bar *n. and v.* (באר) שטאנג; ריגעל; קווערבאלקען; פערצוימונג; געריכטס-הויז; טאקט אין מוזיק; א קופּע זאמד אין א טייך; דער שענקטיש [אין א שענק]; די קערפּערשאפט פון אדוואקאטען; די הינדערניש; פערריגלען; פערהינדערען; פערניכטען; אויסשליעסען.

bar'acan *n.* (בער'-ע-קען) אזא הילע אין וועלכע די פרויען אין מאראקא און אראביען וויקלען זיך איין.

barb *n. and v.* (בארב) א בארד; עפּעס וואס איז עהנליך צו א בארד; א האקען; א געוויסער מין שפּאנישער פערד; א טערקישע טויב; א מאנאשקע-שלייער; אראבנעהמען די בארד; צומאכען האקענס.

barba'rian *n. and a.* (באר-ביי'-רי-ען) בארבאריש, גרויזאם, אונמענשליך; דער בארבאר, אונמענש; א פרעמדער [ביי די אמאליגע גריכען און רוימער]; ניט קיין קריסט [ביי די ערשטע קריסטען].

barba'rianism *n.* (באר-ביי'-רי-ענ-איזם) דאס זיין בארבאריש, ווילד אכזר'יש.

barbar'ic *a.* (באר-בער'-איק) רויה, אונגעבילדעט, אונמענשליך, נישט ציוויליזירט.

barbar'ically *adv.* (באר-בער'-אי-קעל-אי) אויף א בארבארישען שטייגער; אזוי ווי די בארבארען.

barbarisa'tion *n.* (באר-בע-רי-זיי'-שאן) פערווילדערונג; פערשלעכטערונג.

bar'barism *n.* (באר'-בער-איזם) בארבאריזם; ווילדהייט; גרויזאמקייט; גראבע אונוויסענהייט; גראבע פעהלער אין א שפּראך.

barbar'ity *n.* (באר-בער'-אי-טי) בארבאריי; רויהייט; גרויזאמקייט; אונמענשליכקייט.

barbariza'tion *n.* (באר-בע-רי-זיי'-שאן) ז. ***barbarisation***

bar'barize *v.* (באר'-בע-ראיז) ברייגען צו ווילדקייט אדער בארבאריי; געברויכען גראבע פעהלער אין א שפּראך.

bar'barous *a.* (באר'-בע-ראס) בארבאריש; גרויזאם; רויה; אונמענשליך; גראב; ניט ציוויליזירט; געגען די געזעצען פון דער שפּראך.

bar'barously *adv.* (באר'-בע-ראס-לי) אויף א בארבארישען אופן.

bar'barousness *n.* (באר'-בע-ראס-נעס) גרויזאמקייט; ווילדקייט; אונמענשליכקייט; פעהלערהאפטע שפּראך.

cacochym'ic *a. and n.* (קעק-א-קימ'-איק) וואס ליידט פון פערדארבענע בלו־טען; איינער וואס ליידט אויפ'ן מאגען דורך שלעכטע פערדייאונג; איינער וואס ליידט פון פערדארבענע בלוטען.

cacochym'ical *a.* (קעק-א-קימ'-איק-על) מיט פערדארבענע בלוטען.

cacodæ'mon *n.* (קעק-א-די'-מאן) א בייזער גייסט, א טייפעל, א דבוק.

cacode'mon *n.* (קעק-א-די'-מאן) ז. *cacodæmon*.

cacoe'thes *n.* (קעק-א-אי'-טהיז) א שלעכטע געוואהנהייט, שלעכטע ניקען.

cacoe'thes loquen'di (קעק-א-אי'-טהיז לאק-הווענ'-די) א תאוה צו ריידען, א ריידע קראנקהייט.

cacoe'thes scriben'di (קעק-א-אי'-טהיז סקרי-בענ'-די) א תאוה צו שריי־בען.

cacog'rapher *n.* (קע-קאג'-רעפ-ער) א שלעכטער שרייבער, א פאטשקון.

cacograph'ic *a.* (קעק-א גרעפ'-איק) שלעכט געשריבען, געפאטשקעט.

cacog'raphy *n.* (קע-קאג'-רע-פי) דאס שלעכטע שרייבען, פאטשקעריי, דאס שריי־בען מיט גרייזען.

cacol'ogy *n.* (קע-קאל'-א-דזשי) א שלעכטער סטיל אין ריידען און שרייבען; א שלעכטע אויסשפראכע.

cacophon'ic *a.* (קעק-א-פאנ'-איק) וואס קלינגט אונאנגענעהם, וואס גרילצט אין די אויערען.

cacophon'ical *a.* (קעק-א-פאנ'-איק-על) ז. *cacophonic*.

cacoph'onous *a.* (קע-קאפ'-א נאס) ז. *cacophonic*.

cacoph'ony *n.* (קע-קאפ'-א-ני) א שלעכטער קלאנג, א גרילצענדער קלאנג [א קלאנג אהן הארמאניע].

Cacta'ceæ *n.* (קעק טיי' סי אי) קאק־טוס [אזא מין ראהארטיגע פלאנצען, וואס וואקסען אין וויסטע ווארימע גע־גענדען].

cacta'ceous *a.* (קעק-טיי'-שיאס) וואס איז שייך צו דער קאקטוס-פּלאַנצע. ז. *Cactaceæ*

cac'tus *n.* (קעק'-טאס) דער קאקטוס. ז. *Cactaceæ*

cacu'men *n.* (קע-קיו'-מען) א שפּיץ.

cacu'minate *v.* (קע-קיו'-מי-נייט) צו-שפּיצען; מאכען שפּיציג.

cad *n.* (קעד) א יונג; א גראבער יונג, (קעד) אַן אונערצויגענער מענש; א קאנדוקטאר אויף אן אמניבוס; א געהילף ביי א בעל-מלאכה.

cadas'ter *n.* (קע-דעס'-טער) א דעטא-לירטע פערצייכנים פון לאנד און פערמע-גען פון א שטאדט אדער געגענד פאר דעם צוועק פון שטייער.

cadav'er *n.* (קע-דעוו'-ער) א טויטער קערפּער.

cadav'eric *a.* (קע-דעוו'-ער-איק) וואס איז שייך צו א טויטען קערפּער.

cadav'erous *a.* (קע-דעוו'-ער-אס) בלייך ווי א טויטער; וואס איז שייך צו א טויטען קערפּער.

cadav'erously *adv.* (קע-דעוו'-ער-אס-לי) ווי א טויטער.

cadav'erousness *n.* (קע-דעוו'-ער-אס-נעס) דאס זיין א ב-מנן; דאס אויס-זעהן ווי א טויטער.

cad'-bait *n.* (קעד'-בייט) דאס ווערימעל פון וואס עס קומט ארוים דאס וואסער-מאטען-פליגעלע.

cad'dice *n.* (קעד'-איס) געקרעפּטע וואַ-לען-באנד; דאס ווערימעל פון וואס עס קומט ארוים דאס וואסער-מאטען-פליגעלע.

cad'die *n.* (קעד'-אי) א לויף-אינגעל [א אינגעל אויף שליחות]; א אינגעל וואס טראגט נאך די שטעקלעך ביי גאלף-שפּיע-לער.

cad'dis *n.* (קעד'-איס) ז. *caddice*

cad'dis-fly *n.* (קעד'-איס-פלאי) דאס וואסער-מאטען-פליגעלע.

Caddice-fly

cad'dish *a.* (קעד'-איש) פּראסט, געמיין, גראב.

cad'dis-worm *n.* (קעד'-איס הוואירם) ז. *caddice*

cad'dy *n.* (קעד'-אי) א קליין מעטאלען קעסטעל צום האלטען טהעע; א קליין פעּ-קעל טהעע; א לויף-אינגעל; א אינגעל וואס טראגט נאך די שטעקלעך ביי גאלף-שפּיעלער; א ווערימעל פון וועלכען עס קומט ארוים דאס וואסער-מאטען-פליגעלע.

cad'dy-spoon *n.* (קעד'-אי-ספּוהן) א טהעע-לעפעלע.

cade *n.* and *v.* (קייד) א פעסעל; איי-דעל און זאנפט בעהאנדלען.

ca'dence *n.* and *v.* (קיי'-דענס) דער פאל; דאס זינקען; דער פאל פון דעם טאָן אין ריידען און לייענען; דאס אראבזינ-קען פון טאָן ביים ענדע פון א זאץ [אין ריידען, לייענען און זינגען]; די הארמאָ-נישע ענדונג פון א שטיק מוזיק מיט דעם זעלבען טאָן-ארט, ווי זי איז אנגעפאנגען געווארען; א טריל צום ענד פון א מוזיק שטיק; אומקעהרען זיך צום ערשטען טאָן-ארט; דער טאקט [אין מוזיק און טאָנען]; מעסטען דעם טאקט [אין מוזיק].

ca'dency *n.* (קיי'-דען-סי) א ריטמישער אקארד [אין מוזיק]; א גלייכמעסיגקייט פון בעוועגונג.

cadene' *n.* (קע-דין') א פּראסטער זארט טערקישער קאווער [טעפּיך].

caden'za *n.* (קע-דענ'-זע) א קונציגע ענדונג פון א שטיק מוזיק [וואס דער שפּיעלער אדער זינגער מאכט אום ארוים-צורופען אפּלאדיסמענטען].

cade'-oil *n.* (קייד'-איל) וואכאלדער-אויל [א זאָ שטארקער אויל פון א נעוויסען זארט האלץ, וועלכער ווערט בענוצט אין מעדיצין].

cadet' *n.* (קע-דעט') א קאדעט, א פריי-וויליגער סאלדאט; א לעהרלינג אין א מיליטער-שולע צו ווערען אן אפּיציער; דער מיזיניק [דער אינגסטער זוהן]; א יונגער מיטגליעד אין אן ארגאניזאציאָן.

cad'ew *n.* (קעד'-יו) ז. *caddice*

cade'-worm *n.* (קייד'-הוואירם) ז. *caddice*

cadge *v.* (קעדזש) טראגען א משא; טראגען צו פערקויפען; געהן בעטלען.

cadg'er *n.* (קעדזש'-ער) איינער וואס טראגט פוטער, אייער, היהנער א. ז. וו. פון לאנד אויפ'ן מארק; איינער וואס מאכט א לעבען פון בעטלען.

ca'di *n.* (קיי'-די) דער קאדי [א טער-קישער ריכטער].

cadillac' *n.* (קעד-אי-לעק') א זארט בארנע.

Cadme'an *a.* (קעד-מי'-ען) וואס איז שייך צו קאדמוס [וועגען וועלכען די לע-גענדע דערצעהלט, אז ער האט פון פעני-ציען [כנען] געבראכט אין גריכענלאנד דעם אלף בית פאר די גריכישע שריפט].

cad'mia *n.* (קעד'-מי-ע) דער צינק-שפּאט [אזא מינעראל].

cad'mium *n.* (קעד' מי אם) קאדמיום [א מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען].

cadu'cean *a.* (קע-דיו'-סי-ען) וואס גע-הערט צום שטאק פון דעם האנדעלס גאָט מערקור [אין דער גריכיישער מיטאלאגיע].

cadu'ceus *n.* (קע-דיו'-סי-אס) דער שטאק פון דעם האנדעלס-גאָט מערקור [אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

cadu'city *n.* (קע-דיו'-סי-טי) דער פּע-ריאָד אין לעבען, ווען מען פאנגט אן ווע-רען שוואכער; שוואכקייט.

cadu'cous *a.* (קע-דיו'-קאס) וואס האט די נייגונג אראבצופאלען; וואס האלט ביים אראבפאלען.

cæ'cal *a.* (סיע'-קעל) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו דער בלינדער קישקע; וואס האט א פערמאכטען ענד ווי די בלינדע קישקע.

Cæ'cias *n.* (סיע' סי-עס) דער צפון-מזרח-ווינד.

cæ'city *n.* (סיע'-סי-טי) די בלינדקייט.

cæ'cum *n.* (סיע'-קאם) די בלינדע קיש-קע.

Cænozo'ic *a.* (סיע-נא-זאו'-איק) וואס ענטהאלט די איצטיגע פארמען פון לעבען [שייך צו דער צייט צווישען דער דריי-טער און פיערטער פעריאדע אין דער ענטוויקלונג פון דער ערד].

cæ'rule *a.* (סיע' רול) הימעל-בלוי.

Cæ'sar *n.* (סיע'-זער) צעזאר, א רוי-מישער קייזער; א זעלבסט-הערשענדער קייזער.

Cæsa'rean *a.* (סי-זיי'-רי-ען) וואס איז עהנליך צו א צעזאר.

Cæsa'rian *a.* (סי-זיי'-רי-ען) ז. *Cæsarean*

Cæ'sarism *n.* (סיע'-זער-איזם) צעזאַ-ריזם, מיליטערישער דעספּאטיזם, מיליטע-רישע הערשאפט; דער פערלאנג אלעס צו בעהערשען.

cæs'pitose *a.* (סעס'-פּי-טאוס) וואס איז עהנליך צו גראז-ערד; בינטעלדיג; וואס וואקסט אין בינטלעך.

cæsu'ra *n.* (סי-זיו'-רע) [א צעזור פויזע אדער אבשטעל אין א שורה פון א געדיכט]; א פויזע, אן אונטערברעכונג.

cæsu'ral *a.* (סי-זיו'-רעל) וואס איז שייך צו א צעזור. ז. *cæsura*

café' *n.* (קא-פיי') קאפע; קאפע-הויז; רעסטאראן.

café' chantant' (קא-פיי' שאנ-טאן') א קאפע שאנטאן, א קאפע הויז, וואו עס ווערען געגעבען לייכטע ביהנען-פארשטעלונ-גען, מוזיק א. ד. ג. צו אמוזירען די בע-זוכער.

caf'eine *n.* (קעפ'-אי-אין) קאפע געמישט מיט ציקאריע.

café' noir' (קא-פיי' נואר') שווארצע קאפע [אהן מילך].

caffe'ic *a.* (קעפ-אי'-איק) וואס איז נוגע צו אדער קומט פון קאפע.

caffe'ic ac'id (קעפ-אי'-איק עס'-איד) קאפע-זויערע [אזא כעמישער שטאף].

caffe'in *n.* (קע-פי'-אין) דער קאפעאין [עסענץ פון קאפע].

caffe'ine *n.* (קע-פי' אין) ז. *caffein*

caffe'inism *n.* (קע-פי'-אינ-איזם) א קראנקהייט וואס קומט פון טרינקען פיעל קאפע.

caf'tan *n.* (קעפ'-טען) א קאפטאן.

cag *n.* (קעג) א קליינע שטארקע פעסעל.

cage *n.* and *v.* (קיידזש) א שטייג, שטייג פון עופות; געפענגניס; פערשפּאַ-רען אין א שטייג; מאכען עהנליך צו א שטייג.

cage'-bird *n.* (קיידזש'-בוירד) א פויגעל וואס ווערט געהאלטען אין א שטייג.

cage'ling *n.* (קיידזש'-לינג) א פויגעל וואס איז אין א שטייג.

cage of a stair'case (קיידזש אוו ע סטעהר'-קיים) דאס טרעפּען-הויז [דער ארט וואו דער טרעפּ שטעהט].

cag'mag *n.* (קעג'-מעג) אן אלטע הארטע גאנז; הארטע פלייש.

cahoot' *n.* (קע-הוהט') שותפות, חברותא.

caic' *n.* (קא-איק') א לאנגע שמאלע שיפעל.

Cai'man *n.* (קיי'-מען) א מין קראקאדי-לען וואס געפינען זיך אין די הייסע גע-גענדען פון אמעריקא.

Cainozo'ic *a.* (קאי-נא-זאו'-איק) ז. *Cænozoic*

caique' *n.* (קא-איק') א לאנגע, שמאלע שיפעל; אזא פּאפּוגאי [אין דרום אמע-ריקא].

cairn *n.* (קעהרן) א הויפען שטיינער.

cairn'gorm *n.* (קעהרנ'-גאהרם) אזא קווארץ-שטיין פון א פעררויכערטען געלב-ברוינעם קאליר.

cais'son *n.* (קיי'-סאן) אמוניציאנס-וואַ-גען, א וואגען פאר קריגס-ארטיקלען; באכבען-קאסטען; אזא קאסטען, וואס ווערט בענוצט ביים בויען דעם פונדאמענט פון א געביידע אין וואסער.

cai'tiff *n.* and *a.* (קיי'-טיף) א נעמיינער

קערל; א ניעדערטרעכטיגער יונג; גראב, געמיין, נידערטרעכטיג.

caj'eput *n.* (קעדזש'-אי-פוט) אזא קליי־נער מירטען־בוים.

caj'eput-oil *n.* (קעדזש' אי-פוט-איל) מירטען־אויל.

caj'eput-tree *n.* (קעדזש'-אי-פוט-טריע) ז. *cajeput*

cajole' *v.* (קע-דזשאול') חנפ'נען, לאש־טשען.

cajole'ment *n.* (קע-דזשאול'-מענט) חניפה, לאשטשעריי.

cajo'ler *n.* (קע-דזשאו'-לער) חונף, אונ־טערלעקער, שמייכלער, איינער וואס לאש־טשעט.

cajo'lery *n.* (קע-דזשאו'-לער-אי) חניפה, לאשטשעריי.

cajo'lingly *adv.* (קע-דזשאו'-לינג-לי) לאשטשענדיג, חנפ'נדיג.

cake *n.* and *v.* (קייק) א קוכען, א קי־כעל; א שטיקעל; א שטיק; מאכען א קוכען; צונויפפרעסען אין איין שטיק.

cake'-bread *n.* (קייק'-ברעד) זעמעל, קוכען.

cake of coals (קייק אוו קאולז) גע־פרעסטע שטיינקויהלען [וואס האבען די פארמע פון קוכענס].

cake of ice (קייק אוו אייס) אן אייז־קריהע.

cake of soap (קייק אוו סאופ) א שטיק זייף.

ca'ky *a.* (קיי'-קי) וואס, ווי א קוכען, האט די פארם פון א קוכען.

Cal. אבקירצונג פון *California* [איי־נער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

cal'abash *n.* (קעל'-ע-בעש) קאלאבאשע [אזא קירבעסארטיגע פרוכט, וואס איהר שאלעכץ ווערט בענוצט אלס געפעס]; א געפעס פון קאלאבאשע שאלעכץ.

Calabashes

cal'abash-tree *n.* (קעל'-ע-בעש-טריע) דער קאלאבאשען־בוים. ז. *calabash*

Calabash-tree

calaboose' *n.* (קעל-ע-בוהס') א געפענג־ניס.

calade' *n.* (קע-לייד') א משופע'דיג ארט אין א רייט־פלאץ [צום דרעסירען פערד].

Cala'dium *n.* (קע-ליי'-די-אם) א'קליינע פאמיליע פון די טראפישע אמעריקאנישע פלאנצען מיט גרויסע בונטע בלעטער.

cal'aite *n.* (קעל'-ע-איט) דער טירקיז [א מין טייערער שטיין].

calaman'co *n.* (קעל-ע-מענ'-קאו) וואל־אטלאס; א קלייד געמאכט פון וואל־אטלאס.

calaman'der-wood *n.* (קעל-ע-מענ'-דער-הוואוד) קאלאמאנדער־האלץ [אזא הארט האלץ, וואס ווערט געברויכט פאר מעבעל. וואקסט אין ציילאן].

cal'amar *n.* (קעל'-ע-מער) דער טינט־פיש [אזא פיש וואס ווען מען יאגט זיך נאך איהם, לאזט ער ארויס פון זיך אזא שווארצע פליסיגקייט, וועלכע מאכט דאס וואסער דונקעל און מען קען איהם מעהר ניט זעהן].

cal'amary *n.* (קעל'-ע-מע רי) ז. *calamar*

cal'ambac *n.* (קעל'-עמ-בעק) קאלאמ־באק־האלץ [אזא שמעקעדיגע האלץ].

calamif'erous *a.* (קעל-ע-מיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס ראהרפערמיגע פלאנצען.

cal'amin *n.* (קעל' ע מין) צינק־ערץ [רויהער צינק ווי ער ווערט אויסגעגרא־בען]; אזא זארט גאלוואניזירט אייזען.

cal'amine *n.* (קעל'-ע-מין) ז. *calamin*

cal'amint *n.* (קעל'-ע-מינט) בארג־מע־ליסע, בארג־מיאטע, א מין שטארק דופ־טענדעס גראז [ווערט געברויכט אין מע־דיצין].

cal'amite *n.* (קעל'-ע-מאיט) קאלאמיט [אזא ווייסליכער קריסטאל־פערמיגער מי־נעראל].

calam'itous *a.* (קע-לעמ'-אי-טאס) עלענד, טרויעריג, יאמערפול, אונגליקליך.

calam'itously *adv.* (קע-לעמ'-אי-טאס-לי) אויף אן עלענדען אדער אונגליקליכען אופן; יאמערליך, טרויעריג, אונגליקליך.

calam'itousness *n.* (קע-לעמ'-אי-טאס-נעס) א טרויעריגע לאגע, א קלעגלי־כער צושטאנד.

calam'ity *n.* (קע-לעמ'-אי-טי) עלענד, אונגליק.

cal'amus *n.* (קעל'-ע-מאס) שילף־ראהר [אזא פלאנצע].

calan'do *adv.* (קע-לענ'-דאו) אין מוזיק — לאנגזאם נאכלאזען די טעמפא און שטארקייט פון טאן.

calan'dra *n.* (קע-לענ'-דרע) די בארג־לערכע [א מין זינג־פויגעל]; דער שוואר־צער קארן־ווארם.

cal'apash *n.* (קעל'-ע-פעש) ז. *calipash*

calash' *n.* (קע-לעש') א לייכטע קארעטקע [קאליאסקע]; די צונויפפעלעגטע בויד פון א קארעטע.

cal'athiform *a.* (קעל'-ע-טהי-פארם) האלב־רונד האלב־קיילעכדיג.

cal'car *n.* (קעל'-קאר) אן ארויסשטאר־צונג, א שפארע, א שפארען־עהנליכע ארויסשטארצונג; א שמעלץ־אויווען אין א גלאז־פאבריק.

cal'carate *a.* (קעל'-קע-רייט) מיט שפא־רען [ווי די פיס פון א האהן].

calca'reo-argilla'ceous *a.* (קעל-קיי'-רי-או-אר-דזשי-ליי'-שיאס) וואס בע־שטעהט פון קאלך און ליים.

calcareosilic'eous *a.* (קעל-קיי-רי-או-סי-ליש'-אס) וואס בעשטעהט פון קאלך און קיעזעל־ערד.

calcareosul'phurous *a.* (קעל-קיי-רי-או-סאל'-פאר-אס) וואס ענטהאלט קאלך און שוועבעל.

calca'reous *a.* (קעל-קיי'-רי-אס) וואס בעשטעהט פון קאלך, וואס ענטהאלט קאלך.

calca'reous earth (קעל-קיי'-רי-אס אוירטה) קאלך־ערד.

calca'reousness *n.* (קעל-קיי'-רי-אס-נעס) קאלכהאלטיגקייט, דאס ענטהאלטען אין זיך קאלך.

calca'reous spar (קעל-קיי'-רי-אס ספאר) דער קאלך־שטיין.

calcarif'erous *a.* (קעל-קע-ריפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס קאלך.

calcar'iform *a.* (קעל-קער'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון שפארען.

cal'ceated *a.* (קעל'-סי-איי-טעד) בע־שוכט, טראגענדיג שיך.

cal'cedon *n.* (קעל'-סע-דאן) כאלצעדאן, א מין טייערער ווייסער שטיין.

cal'cedony *n.* (קעל'-סעד-א-ני) ז. *calcedon*

cal'ceiform *a.* (קעל'-סי-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א פאנטאפעל.

Calceola'ria *n.* (קעל-סי-א-ליי'-רי-א) די פאנטאפעל־בלומען [אזא מין בלומען וואס האבען די פארם פון פאנטאפעל].

cal'ces *n.* (קעל'-סיז) פיאטקעס, קולנעס. ז. *calx*

cal'cic *a.* (קעל'-סיק) וואס ענטהאלט קאלך; וואס איז נוגע צו דעם מעטאל קאלציום.

calcif'erous *a.* (קעל-סיפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט קאלך.

calcif'ic *a.* (קעל-סיפ'-איק) פערבונדען מיט קאלך.

calcifica'tion *n.* (קעל-סי-פי-קיי'-שאן) דאס פערבינדען מיט קאלך [פון וואס עס בילדעט זיך קאלך־שטיין].

cal'ciform *a.* (קעל'-סי-פארם) וואס זעהט אויס ווי קאלך אדער קרייד; וואס שטארצט ארויס ווי א קנאפעל.

cal'cify *v.* (קעל'-סי-פאי) פערוואנדלען קאלך אין שטיין [דורך פעראייניגונג פון קאלך מיט קויהלען־זויערע].

cal'cimine *n.* and *v.* (קעל'-סי-מין) א פיינער זארט קאלך צום קאלכען הייזער; קאלכען.

cal'cinable *a.* (קעל'-סי-נעבל) וואס קען פערקאלכט ווערען [דורך פייער].

cal'cinate *v.* (קעל'-סי-נייט) פערוואנד־לען אין קאלך.

calcina'tion *n.* (קעל-סי-ניי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין קאלך.

cal'cinatory *n.* (קעל'-סינ-ע-טא-רי) א כלי צו ברענען קאלך.

cal'cine *v.* (קעל'-סין) פערוואנדלען אין פולווער אדער אין קאלך דורך פייער; זיך פערקאלכען; בראטען.

cal'cined gyp'sum (קעל'-סינד דזשיפ'-סאם) פאריזער פלאסטער.

cal'cinize *v.* (קעל'-סי-נאיז) ז. *calcine*

cal'cite *n.* (קעל'-סאיט) קאלציט אדער קאלציט־קארבאנאט [א קאלך־מינעראל].

calcit'ic *a.* (קעל-סיט'-איק) וואס בע־שטעהט פון קאלציט אדער קאלציום־קאר־באנאט.

cal'citrant *a.* (קעל'-סי-טרענט) ווידער־שפעניסטיג, בריקעדיג.

cal'cium *n.* (קעל'-סי-אם) קאלציום [אזא מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען].

cal'cium light (קעל'-סי-אם לאיט)

דאס קאלציום ליכט, דאס דרומאנדישע ליכט [אזא שטארקעם העל ווייסעס ליכט וואס ווערט ערהאלטען דורך לאזען א שטראם זויער־שטאף און א שטראם וואסער־שטאף אויף א שטיק קאלך־שטיין].

calcog'rapher *n.* (קעל-קאג'-רע-פער) קרייד־צייכנער, פאסטעל־צייכנער [איינער וואס מאהלט בילדער מיט קרייד־פארבען].

calcograph'ical *a.* (קעל-קא-גרעפ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו קרייד־צייכנונג.

calcog'raphy *n.* (קעל-קאג'-רע-פי) קרייד־צייכנונג, פאסטעל־צייכנונג.

calc'-sin'ter *n.* (קעלק־סינ'-טער) דער טראפף־שטיין [דער שטיין וואס בילדעט זיך פון קאלכהאלטיגען וואסער].

calc'-spar *n.* (קעלק־ספאר) קאלך־שפאט [אזא קאלכהאלטיגער מינעראל].

calc'-tuff *n.* (קעלק־טאף) אזא קאלכ־האלטיגער מינעראל.

cal'culable *a.* (קעל'-קיו-לעבל) וואס קען געצעהלט אדער בערעכענט ווערען.

cal'culary *a. and n.* (קעל'-קיו-לע-רי) וואס האט א שייכות צו דער שטיין־קראנקהייט; א פערהארטעוועטע קייקעלע אין א בארנע.

cal'culate *v.* (קעל'-קיו-לייט) 1. צעהלען, רעכנען, אויסרעכנען, בערעכנען, צוזאמענרעכנען; 2. דענקען, מיינען.

1. Astronomers can **calculate** the date of an eclipse of the moon. 2. I **calculate** on meeting you there.

cal'culate a nativ'ity (קעל'-קיו-לייט ע נע-טיוו'-אי-טי) אויסרעכענען די שטעלונג פון די מזלות אדער שטערן צו דער צייט פון איינעם'ס געבורט.

cal'culating *a.* (קעל'-קיו-ליי-טינג) בערעכענענדיג, וואס לאזט זיך בערעכענען; וואס מען קען אויסרעכענען אדער פאראויסזעהן צום אייגענעם נוצען.

cal'culating-machine' *n.* (קעל'-קיו-ליי-טינג־מע-שין') א רעכען־מאשין.

calcula'tion *n.* (קעל-קיו-ליי'-שאן) בערעכנונג; שאצונג; צוזאמענרעכנונג; אויסרעכנונג פון קאסטען.

cal'culative *a.* (קעל'-קיו-ליי-טיוו) וואס איז אויסגערעכנט; וואס איז אויסצורעכענען.

cal'culator *n.* (קעל'-קיו-ליי-טאר) רעכנער, בערעכנער; אן אבשאצער.

cal'culatory *a.* (קעל'-קיו-ליי-טא-רי) וואס איז שייך צו בערעכנונגען אדער אויסרעכנונגען.

cal'culi *n.* (קעל'-קיו-לאי) קליינע שטיינדלעך; אורין שטיינער [אזא קראנקהייט]; די העכערע מאטעמאטיק [דיפערענציאל רעכנונג].

cal'culous *a.* (קעל'-קיו-לאס) שטייניג; הארט ווי שטיין; קראנק אויף שטיין־קראנקהייט.

cal'culus *n.* (קעל'-קיו-לאס) א קליין שטיינדעל; אורין־שטיין, בלאזען־שטיין; די העכערע מאטעמאטיק [דיפערענציאל־רעכנונג].

cal'dron *n.* (קאהל'-דראן) א גרויסער קעסעל.

caleche' *n.* (קע-לעש') ז. *calash*

Caledo'nian *a. and n.* (קעל-ע-דאו'-ני-ען) וואס איז נוגע צו שאטלאנד; שאטלענדיש; א שאטלענדער.

calefa'cient *a. and n.* (קעל-ע-פיי'-שיענט) וואס ווארעמט, וואס היצט; עפעס וואס פעראורזאכט היץ.

calefac'tion *n.* (קעל-ע-פעק'-שאן) דאס היים מאכען; דאס זיין דערהיצט.

calefac'tive *a.* (קעל-ע-פעק'-טיוו) וואס קען היים מאכען; וואס רופט ארוים היץ.

calefac'tor *n.* (קעל-ע-פעק'-טאר) אזא קליינער אויווען.

calefac'tory *a.* (קעל ע פעק' טא רי) ז. *calefactive*

cal'efy *v.* (קעל'-ע-פאי) מאכען ווארים; דערהיצען; זיך דערווארעמען, זיך דערהיצען.

cal'endar *n. and v.* (קעל'-ען-דער) קאלענדאר, לוח; פערשרייבען אין א קאלענדאר.

cal'endar-clock *n.* (קעל'-ען-דער-קלאק) א גרויסער וואנד־זייגער, וואו די ווייזערס צייגען אויף די טעג פון וואך און מאנאט.

cal'endar month (קעל'-ען-דער מאנטה) א קאלענדאר מאנאט [א מאנאט פון יאהר, ווי ער איז אין לוח].

cal'endary *a.* (קעל'-ען-דע-רי) וואס איז שייך צו א קאלענדאר אדער לוח.

cal'ender *n. and v.* (קעל'-ען-דער) א פרעס־מאשין אין דער פאבריקאציאן פון געוואנד און פאפיער; פרעסען, פלעטען.

cal'enderer *n.* (קעל'-ען-דער-ער) איינער וואס ארבייט ביי א פרעס־מאשין פון געוואנד אדער פאפיער.

cal'endrer *n.* (קעל'-ען-דרער) ז. *calenderer*

Calen'dula *n.* (קע-לענ'-דיו-לע) די רינגעל־בלום אדער טויטען־בלום [אזא פלאנצע וואס בליהט כמעט דאס גאנצע יאהר. די בליהונג ווערט בענוצט אין מעדיצין]

cal'enture *n.* (קעל'-ען-טשור) אזא פיבער־קראנקהייט.

cales'cence *n.* (קע-לעס'-ענס) דאס ווארים ווערען; דאס דערהיצט ווערען.

calesh' *n.* (קע-לעש') ז. *calash*

calf *n.* (קאהף) א קאלב; קאלב־לעדער; א נאר; די איקרע פון פוס.

calf'-bind'ing *n.* (קאהף־באינ'-דינג) קאלב־לעדער איינבאנד [פראנץ־באנד].

calf'-leath'er *n.* (קאהפ'-לעטה'-ער) קאלב־לעדער.

calf'-like *a. and adv.* (קאהפ'-לאיק) עהנליך צו א קאלב; ווי א קאלב; נאריש.

calf's'-head *n.* (קאהפס'-העד) קאלבס־קאפ [אזא פלאנצע אין קאליפארניען].

calf'skin *n.* (קאהפ'-סקין) קאלב־פעל.

calf's'-pluck *n.* (קאהפס'-פלאק) א קעלבערנער אינגעווייד.

cal'iber *n.* (קעל'-אי-בער) 1. קאליבער, דאס דיאמעטער פון א צילינדער־לאך; די גרויס פון דער שיס־לאך אין א ביקס; די גרויס פון א קויל; 2. גייסטעס־פעהיגקייט.

2. The editor is a man of high **caliber**.

cal'iber-com'passes *n.* (קעל' אי בער־קאמ'-פעס-עז) אן אינסטרומענט צום מעסטען דאס דיאמעטער פון רונדע זאכען.

cal'iber-gage *n.* (קעל'-אי-בער-גיידזש) אזא געצייג צו מעסטען דעם קאליבער אדער דיאמעטער פון רונדע זאכען.

cal'iber-rule *n.* (קעל'-אי-בער-רוהל) אזא אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צו בעשטימען דאס געוויכט פון מעטאלענע באלען, דורכדעם וואס עס ווערט געמאסטען זייער דיאמעטער.

cal'iber-square *n.* (קעל'-אי-בער-סקהוועהר) אזא אינסטרומענט צו מעסטען דעם אינערליכען אדער אויסערליכען דיאמעטער פון רונדע זאכען.

calibo'gus *n.* (קעל-אי-באו'-גאס) אן אמעריקאנער משקה פון ראם און ביער.

cal'ibrate *v.* (קעל'-אי-ברייט) קאליבירען, בעשטימען דעם קאליבער [ווי דעם דיאמעטער און די גראדען פון א טערמאמעטער־גלעזעל]; בעשטימען דעם פערהעלטנים־ווערטה [ווי פון א וואג, א מעסט־אינסטרומענט א. ד. ג.].

calibra'tion *n.* (קעל-אי-ברויי'-שאן) דאס בעשטימען דעם קאליבער פון א טערמאמעטער [ווי דעם דיאמעטער פון גלעזעל און דיא גראדען]; דאס בעשטימען די טיילונג פון א סקאלע [ווי פון א וואג, א מעסט־אינסטרומענט א. ד. ג.].

cal'ibre *n.* (קעל'-אי-בער) ז. *caliber*

Cal'iburn *n.* (קעל'-אי-בוירן) דער שווערד פון פערצייטיגען קעניג ארטהור פון ענגלאנד.

Cal'iburno *n.* (קעל'-אי-בויר-נא) ז. *Caliburn*

cal'ice *n.* (קעל'-איס) א בעכער.

cal'ices *n.* (קעל'-אי-סיז) די בעכער־לעך פון בלומען; בעכערס.

cal'ico *n. and a.* (קעל'-אי-קאו) קאליקא, קארטון, ציץ; געמאכט פון קאליקא.

cal'ico-prin'ter *n.* (קעל'-אי-קאו־פרינ'-טער) א דרוקער פון ציץ [קארטון].

cal'ico-prin'ting *n.* (קעל'-אי קאו־פרינ'-טינג) דאס דרוקען די אוזארען אויף ציץ [קארטון].

calic'ula *n.* (קע-ליק'-יו-לע) דאס בלעטער־בעכערל פון א בלום.

calic'ular *a.* (קע-ליק'-יו-לער) וואס האט די פארם פון א בלום־בעכערל.

calid'ity *n.* (קע-ליד'-אי-טי) היץ.

ca'lif *n.* (קיי'-ליף) קאליף [דער נאכפאלגער פון מאחמעד, דער הויפט־פיהרער אדער קעניג ביי מאחמעדאנער].

ca'lifate *n.* (קיי'-לי-פייט) די הערשאפט פון א קאליף.

Califor'nian *a. and n.* (קעל-אי-פאר'-ני-ען) וואס איך שייך צו קאליפארניע [איינער פון די שטאאטען פון נארד־אמעריקא ביים פאסיפיק]; אן איינוואהנער אדער געבארענער פון קאליפארניע.

cali'go *n.* (קע-לאי'-גאו) א שוואכע ראיה, א דונקלען אין די אויגען.

cal'igraph *n.* (קעל'-אי-גרעף) א פאר־שריפט צום שעהן שרייבען.

calig'rapher *n.* (קע-ליג'-רע-פער) א קאליגראף [איינער וואס שרייבט מיט א שעהנער האנדשריפט].

calig'raphist *n.* (קע-ליג' רע פיסט) ז. *caligrapher*

calig'raphy *n.* (קע-ליג'-רע פי) קאליגראפיע, די קונסט פון שעהן שרייבען.

cal'ipash *n.* (קעל'-אי-פעש) דער טייל פון א שילד־קרעטע, וואס געהערט צו איהר אויבערשטער שאלאכין.

cal'ipee *n.* (קעל'-אי-פיע) דער טייל פון א שילד־קרעטע, וואס געהערט צו איהר אונטערשטער שאלאכין.

cal'iper *n. and v.* (קעל'-אי-פער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דאס דיאמעטער פון רונדע זאכען; מעסטען דאס דיאמעטער.

Calipers

ca'liph (קיי'-ליף) ז. *calif*

ca'liphate *n.* (קיי'-לי-פייט) *califate* .ז

ca'liphship *n.* (קיי'-ליף-שיפ) דאס אמט אדער די הערשאפט פון א קאליף.

calisa'ya *n.* (קעל-אי-סיי'-יע) כינא־קארע [אזא קארע פון א בוים וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין געגען פיבער].

calisthen'ics *n.* (קעל-איס-טהענ'-איקס) געזונדס־גימנאסטיק [לייכטע איבונגען פאר דער ענטוויקלונג פון דער שטארקייט פון קערפער].

calk *v. and n.* (קאהק) פערשטאפען די שפאלטען אדער לעכער אין א שיף; בע־שמידען א פערד מיט שארפע פאדקא־וועס; שארף מאכען די פאדקאוועס פון א פערד; די שפיצען פון א פאדקאווע; א שטיקעל אייזען מיט שפיצען וואס ווערט צוגעקלאפט צום קנאפעל פון א שוך, צו פערהיטען פון אויסגליטשען; אראבגעה־מען א קאפיע פון א צייכנונג; בעדעקען א צייכנונג מיט קרייד [כדי צו קאפירען].

calk'er *n.* (קאהק'-ער) איינער וואס פער־שטאפט די שפאלטען אדער לעכער פון א שיף.

calk'in *n.* (קאהק'-אין) די שפיצען פון א פערדישער פאדקאווע; א שטיקעל אייזען מיט שפיצען צוגעשלאגען צו דעם קנאפעל פון א שטיוועל צו פערהיטען פון אויס־גליטשען.

calk'ing *n.* (קאהק'-אינג) דאס פערשטא־פען די שפאלטען צווישען די ברעטער פון א שיף; דאס קאפירען א צייכנונג.

calk'ing-i'ron *n.* (קאהק'-אינג-אי'-ערן) אזא דלאט געברויכט ביים פערשטאפען די שפאלטען צווישען די ברעטער פון א שיף.

calk'ing-tool *n.* (קאהק'-אינג-טוהל) א געצייג צו פערשטאפען לעכער אדער שפאלטען פון א שיף.

call *v. and n.* (קאהל) רופען; איינלא־דען; שרייען; אויסרופען; בעזוכען; מאכען א קורצען בעזוך; פאדערען; א רוף; א געשריי; פאדערונג; א פייף.

cal'la *n.* (קעל'-ע) קאלא, א פלאנצע מיט גרויסע ווייסע בליהונג.

call again' (קאהל ע-גען') צוריקרופען; איבער'חזר'ען; קומט נאך א מאל! [אז איינלאדונג ווען איינער געהט אוועק פון א בעזוך, אז ער זאל נאך א מאל בעזוכען].
We have enjoyed your visit. **Call again!**

call aside' (קאהל ע-סאיד') אוועקרופען אן א זייט.

call a spade a spade (קאהל ע ספייד ע ספייד) רופען זאכען מיט דעם ריכ־טיגען נאמען.

call at an inn (קאהל עט ען אין) אבּ־שטעלען זיך אין אן אכסניה.

call at a place (קאהל עט ע פלייס) צוגעהן אין אן ארט, אריינגעהן ערגעץ וואו.

call atten'tion (קאהל ע טענ'שאן) אויפמערקזאם מאכען.

call away' (קאהל ע-הוויי') אוועקרופען.

call back (קאהל בעק) צוריקרופען, צו־ריקנעהמען [דאס ווארט].
He was compelled to **call back** his words.

call'-bird *n.* (קאהל'-בוירד) דער רוף־פויגעל [אזא פויגעל, וועלכער ווערט אויסגעלערענט אריינצופיהרען אנדערע פויגעל אין נעץ].

call down (קאהל דאון) 1. ארונטעררו־פען; 2. אויסריידען, פארווירפע מאכען.
2. The manager **called** him **down** for his mistake.

call down cur'ses upon' (קאהל דאון קויר'-סעז א-פאן') בעטען קללות אויף אימעצען.

call'er *n.* (קאהל'-ער) א רופער; א בעזוכער.

call for (קאהל פאר) פאדערען, פער־לאנגען; אבשטעלען א קורצען וויזיט, אריינגעהן אויף א ווייל [צו אימעצען וועגען וואס].

call for a wit'ness (קאהל פאר ע וויט'-נעס) נעהמען פאר אן עדות.

call for din'ner! (קאהל פאר דינ'-ער) קומט צו מיטאג־עסען!

call for some'thing (קאהל פאר סאמ'-טהינג) פרעגען אויף עפעס; עפעס פער־לאנגען; בעשטעלען.

call forth (קאהל פאורטה) ארויסרופען; זעצען אין בעוועגונג.
Italy's attack upon Tripoli **called forth** universal protest.

cal'lid *a.* (קעל'-איד) געאיבט, ספעציאלי־זירט; כיטרע.

callid'ity *n.* (קעל-איד'-אי-טי) איינגע־איבטקייט, ספעציאליזירטקייט; כיטרע־קייט.

cal'lidness *n.* (קעל'-איד-נעס) *callidity* .ז

cal'ligraph *n.* (קעל'-אי-גרעף) *caligraph* .ז

callig'rapher *n.* (קע-ליג'-רע-פער) *caligrapher* .ז

calligraph'ic *a.* (קעל-אי-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער קונסט פון שעהן שרייבען, קאליגראפיש.

calligraph'ical *a.* (קעל-אי-גרעפ'-איק-על) *calligraphic* .ז

calligraph'ically *adv.* (קעל-אי-גרעפ'-איק-על-אי) אויף א שעהן געשרי־בענעם אופן; קאליגראפיש.

callig'raphist *n.* (קע-ליג'-רע-פיסט) *caligrapher* .ז

callig'raphy *n.* (קע-ליג'-רע-פי) *caligraphy* .ז

call in (קאהל אין) איינמאהנען, איינ־קאלעקטירען; ארויסנעהמען פון געברויך; אריינרופען, איינלאדען.

call'ing *n.* (קאהל'-אינג) דאס רופען; דאס אויסרופען די נעמען; די צוזאמענרו־פונג; א פראפעסיאן, בערוף; די מיסיאן.

call in ques'tion (קאהל אין קוועס'-טשאן) ארויסרופען א צווייפעל, צווייפלען.

call in'to (קאהל אינ'-טו) 1. אריינרופען, איינלאדען; 2. צונויפרופען.
1. The visitor was **called into** the house.
2. The professor was **called into** consultation about the patient.

Calli'ope *n.* (קע-לאי'-א-פי) די מוזע פון מליצה און עפישע געדיכטע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע].

calli'ope *n.* (קע-לאי'-א-פי) אן ארגעל וואס שפיעלט דורך דאמפף־פייפלען.

callipash' *n.* (קעל'-אי-פעש) *calipash* .ז

cal'liper *n.* (קעל'-אי-פער) *caliper* .ז

callisthen'ic *a.* (קעל-איס-טהענ'-איק) וואס איז נוגע צו געזונדס־גימנאסטיק.

callisthen'ics *n.* (קעל-איס-טהענ'-איקס) געזונדס־גימנאסטיק.

call'-loan *n.* (קאהל'-לאון) אן הלואה וואס דארף בעצאהלט ווערען צו יעדער צייט ווען דער מלוה וועט עס פאדערען.

call names (קאהל ניימז) געבען א צו־נאמען; זידלען.

call off (קאהל אף) אברופען; אבהאל־טען.
The appointment with the dentist was **called off.**

call of the house (קאהל אוו טהי האוס) די צונויפרופונג פון די מיטגליע־דער פון דעם פארלאמענט; דאס אויס־רופען אלע מיטגליעדער פון פארלאמענט ביים נאמען; דער נאמען־אויסרוף [צום אבשטימען].

call on (קאהל אן) אויפפאדערען; בע־טען, מתפלל זיין; מאכען א קורצען ווי־זיט.

callos'ity *n.* (קע-לאס'-אי-טי) פערהאר־טונג פון דער הויט [פון מענשליכען קער־פער].

cal'lot *n.* (קעל'-אט) *calote* .ז

cal'lous *a. and v.* (קעל'-אס) הארט, פערהארטעט: הארטהערציג; אבגעהאר־טעט; געשוואלען און גלאט; אבהארטען; מאכען הארט.

cal'lous-beaked *a.* (קעל'-אס-ביעקט) וואס האט א הארטען שנאבעל.

cal'lously *adv.* (קעל'-אס-לי) אויף אן אבגעהארטעטען אופן.

cal'lousness *n.* (קעל'-אס-נעס) דאס זיין הארט; דאס זיין אבגעהארטעט [ווע־גען קערפער]; הארט־הערציגקייט.

call out (קאהל אוט) 1. אויסרופען; ארויסרופען; 2. ארויספאדערען [צום קאמפף].
2. The men were **called out** on strike.

call o'ver (קאהל או'-ווער) ארויסרופען, איבערלעזען [א ליסטע פון נעמען].

call o'ver the coals (קאהל או'-ווער טהי קאולז) פאדערען דין וחשבון; שטארק קריטיזירען אן אנגעשטעלטען.
For his conduct he was **called over the coals** by his manager.

cal'low *a.* (קעל'-או) נאקעט; אהן פעדע־רען; נאך ניט בעוואקסען מיט פעדערען.

call the roll (קאהל טהי ראול) פארלייע־נען פון א ליסט די נעמען פון די אנוועזענדע מיטגליעדער פון א פארלאמענט אדער פון אן אנדער קערפערשאפט.

call to account' (קאהל טו ע-קאונט') פאדערען רעכענונג אדער אן ערקלערונג.

call togeth'er (קאהל טו-געטה'-ער) צוזאמענרופען.

call to grace (קאהל טו גרייס) בעטען רחמים.

call to mem'ory (קאהל טו מעמ'-א-רי) דערמאנען.

call to mind (קאהל טו מאינד) דער־מאנען [וועגען עפעס].

call to naught (קאהל טו נאהט) אי־מעצען ארונטערמאכען, מאכען צו גאר־נישט.

call to one (קאהל טו וואן) אימעצען צורופען; אימעצען רופען צו הילף.

call to or'der (קאהל טו אר'-דער) רופען צו ארדנונג, עפענען א פערזאמ־לונג.

call to the atten'tion (קאהל טו טהי ע-טענ'-שאן) מאכען אויפמערקזאם; צי־הען די אויפמערקזאמקייט.
Permit me to **call** this matter **to** your **attention.**

call to the bar (קאהל טו טהי באר) ערלויבען איינעם אויפצוטרעטען אלס אד־וואקאט.

call to the chair (קאהל טו טהי טשעהר) אויסקלייבען פאר א פארזיצענ־דען.

call up (קאהל אפ) אויפוועקען; פאר־בריינגען; מאהנען; צורופען; אברופען מיט'ן טעלעפאן.

call upon' one (קאהל א-פאן' וואן) בעטען, מאהנען, אנרופען מיט'ן

נאָמען; זיך ווענדען צו אימעצען, איהם אנרופענדיג ביים נאָמען.
The chairman called upon him to address the meeting.

cal'lus *n.* (קעל'-אַס) א פערהאַרטונג; א פערהאַרטעװעטע הויט; דער פערהאַר־טעװעטער שטאָף וואָס בילדעט זיך ביים פערוואַקסען פון א געבראָכענעם ביין.

calm *n., a. and v.* (קאַהם) 1. שטיל, רו־היג; געלאַסען; זאַנפט; אונגעשטערט; 2. שטילקייט; רוהיגקייט; ווינד־שטילקייט; רוה; 3. בערוהיגען, בעזענפטיגען.
1. The sea is calm to-day. 2. There is an atmosphere of calm in this home. 3. Please calm yourself.

cal'mative *n. and a.* (קעל'-מע-טיוו) א בערוהיגונגס־מיטעל; וואָס ווירקט בערו־היגענד.

cal'mer *n.* (קאַה'-מער) דער בערוהיגער, איינשטילער.

calm'ness *n.* (קאַהמ'-נעס) רוהיגקייט; רוהע; בערוהיגונג; איינשטילונג.

Cal'muck *n.* (קעל'-מאַק) א קאַלמיק. ז. **Kalmuck**.

calm'y *a.* (קאַה'-מי) רוהיג; שטיל; זאַנפט, געלאַסען.

calog'raphy *n.* (קע-לאָג'-רע-פי) ז. **caligraphy**.

cal'omel *n.* (קעל'-א-מעל) קאַלאָמעל [א כעמישע פערבינדונג פון כלאָר מיט קוועקזילבער, ווערט בענוצט אלס מעדי־צין].

calores'cence *n.* (קעל-א-רעס'-ענס) די אויפזאַמלונג פון אונזיכטבארע ווערמע־שטראַהלען אין איין פונקט מיט דער הילף פון א ברענ־גלאַז אדער שפּיגעל, אז זיי זאָלען לייכטען און קענען צינדען.

calor'ic *n. and a.* (קע-לאָר'-איק) היץ; וואָס געהערט צו היץ.

calor'ic en'gine (קע-לאָר'-איק ענ'-דזשין) א מאַשין וועלכע ווערט בעטריבען דורך הייסע לופט.

calor'ifier *n.* (קע-לאָר'-אי-פאַי-ער) דער היץ־אַפּאַראַט.

calorif'ic *a.* (קעל-א-ריפ'-איק) וואָס קען אַרויסגעבען היץ; וואָס קען דערהי־צען.

calorifica'tion *n.* (קע-לאָר-אי-פי-קיי'-שאַן) דאָס אַרויסגעבען היץ.

calorim'eter *n.* (קעל-א-רימ'-ע-טער) קאַלאָרימעטער [אן אַפּאַראַט צו מעסטען היץ].


Calorimeter

calorimet'ric *a.* (קעל-א-רי-מעט'-ריק) וואָס איז שייך צו א קאַלאָרימעטער [א היץ־מעסטער].

calorimet'rical *a.* (קעל-א-רי-מעט'-ריק-על) ז. **calorimetric**.

calorim'etry *n.* (קעל-א-רימ'-ע-טרי) די היץ־מעסטונג.

cal'ory *n.* (קעל'-א-רי) א קאַלאָריום, אן איינהייטס־מאָס פאַר היץ אדער וואַרעמ־קייט [די מאָס ווארעמקייט, וועלכע פאַ־דערט זיך אנצוּוואַרעמען איין קילאָגראַם וואַסער ביז 1 גראַד צעלזיוס].

calote' *n.* (קע-לאָוט') א הויב, א יאַר־מולקע; א פלאַכער רונדער געוועלב.

calotte' *n.* (קע-לאָט') ז. **calote**.

cal'otype *n.* (קעל'-א-טאַיפ) דאָס פאַטאָ־גראַפירען דירעקט אויף פאַפּיער [אן אַל־טע פאָרם פון פאַטאָגראַפירען].

caloy'er *n.* (קע-לאָי'-ער) א גריכישער מאָנאַך.

calp *n.* (קעלפּ) קאַלך אדער זאַמד שטיין, וואָס ענטהאַלט אין זיך שטיקלעך קויהלען.

cal'trap *n.* (קעל'-טרעפּ) דער פוס־שטע־כער [אזא אַלט געוועהר מיט שפּיצען וואָס פלעגט אנגעשטעקט ווערען אין דער ערד אויף דעם וועג, וואו דער שונא פלעגט דאַרפען דורכגעהן, כדי די סאָלדאַטען אדער די פערד זאָלען זיך צושטעכען די פיס].

Caltrap

cal'trop *n.* (קעל'-טראָפּ) ז. **caltrap**.

calum'ba *n.* (קע-לאַמ'-בע) די קאַלאַמ־באַ־פלאַנצע.

cal'umet *n.* (קעל'-יו-מעט) אזא טאַבאַק־לולקע, וועלכע ווערט ביי די אַמעריקאַנער אינדיאַנער געברויכט אַלס א צייכען פון פריעדען אדער קריעג.

calum'niate *v.* (קע-לאַמ'-ני-אייט) פערליימדען.

calumnia'tion *n.* (קע-לאַמ-ני-איי'-שאַן) פערליימדונג.

calum'niator *n.* (קע-לאַמ'-ני-איי-טאָר) א פערליימדער.

calum'niatory *a.* (קע-לאַמ'-ני-ע-טאָ-רי) פערליימדעריש.

calum'nious *a.* (קע-לאַמ'-ני-אַס) פער־ליימדעריש.

calum'niously *adv.* (קע-לאַמ'-ני-אַס-לי) אויף א פערליימדערישען אופן.

cal'umny *n.* (קעל'-אַמ-ני) פערליימ־דעריי.

Cal'vary *n.* (קעל'-ווע-רי) דאָס בערגעל לעבען ירושלים, אויף וועלכען מען האָט, לויט דער לעגענדע, געקרייציגט יעזוס'ען.

cal'vary *n.* (קעל'-ווע-רי) א צלם מיט דער פיגור פון געקרייציגטען יעזוס.

calve *v.* (קאַהוו) זיך קעלבען, זיך אַב־קעלבען.

calves *n.* (קאַהווז) קעלבער.

calves'-snout *n.* (קאַהווז'-סנאַוט) אזא פלאַנצע וואָס איהרע זוימען־קאַפּסעל איז ענהליך צו א קעלבערנעם קאָפּ.

Cal'vinism *n.* (קעל'-ווינ-איזם) די לעהרע פון קריסטליכען רעפאָרמאַטאָר דזשאָהן קאַלווין [געבאָרען 1509, גע־שטאָרבען 1564].

Cal'vinist *n.* (קעל'-ווינ-איסט) א קאַל־ויניסט [איינער וואָס געהט נאָך דער לעהרע פון דעם קריסטליכען רעפאָרמאַטאָר קאַלווין].

Calvinis'tic *a.* (קעל-ווינ-איס'-טיק) וואָס איז שייך צו קאַלווין אדער זיין לעה־רע.

Cal'vinize *v.* (קעל'-ווינ-איז) איבער־געהן צום קאַלוויניזם. ז. **Calvinism**.

calv'ish *a.* (קאַה'-וויש) ווי א קאַלב.

calx *n.* (קעלקס) קאַלך, קרייד; דער ביין פון דער פּיאַטע [קולנע].

calx vi'va (קעלקס וואַי'-ווע) אונגעלאַ־שענער קאַלך.

calyc'iform *a.* (קע-ליס'-אי-פאָרם) בעכערפערמיג [ביי פלאַנצען].

calyc'inal *a.* (קע-ליס'-אי-נעל) וואָס איז שייך צו א בלומ־בעכערעל; בעכער־פערמיג [ביי פלאַנצען].

cal'ycine *a.* (קעל'-אי-סין) ז. **calycinal**.

cal'ycle *n.* (קעל'-איקל) אויסען־בעכערעל [דאָס אונטערשטע בלעטער־בעכערעל אין וועלכען עס זיצט די בלום].

cal'ycled *a.* (קעל'-איקלד) וואָס האָט אן אויסען־בעכערעל [ביי בלומען].

ז. **calycle**

calyc'ulate *a.* (קע-ליק'-יו-לייט) ז. **calycled**.

calyc'ulated *a.* (קע-ליק'-יו-לייט-עד) ז. **calycled**.

calyp'ter *n.* (קע-ליפּ'-טער) א הויב, א דעקעל; מאָך־הויב [ביי מאָך].

calyp'tra *n.* (קע-ליפּ'-טרע) ז. **calypter**.

cam *n. and a.* (קעם) א הויב־צאַפּען אויף א ראַד אדער אַקס [אן אַרויסשטאַרצונג פון א ראַד אדער אַקס אין מאַשינען פאַר דעם צוועק פון אן אונרעגולערע בעוועגונג]; געבויגען, איינגעבויגען.


Cams

cam'aieu *n.* (קעמ'-אי-יו) א רעליעפע [בולט'ע] געקריצטע פיגור אויף אן עדעל־שטיין אדער אין א מושעל; א בילד גע־מאָהלען אין איין פאַרב דורך שאַטירונגען.

camaril'la *n.* (קעמ-ע-ריל'-ע) א קאַמאַ־רילא, א הויף־קליקע [א פּאָלקספּיינדליכע קליקע ביים הויף וואָס זוכט צו ווירקען אויפ'ן מאָנאַרך אין רעגירונגס־אנגעלעגענ־הייטען].

cam'ber *n. and v.* (קעמ'-בער) א קריי־מונג, א וועלבונג; אויסבויגען, אויסוועל־בען.

cam'bered *a.* (קעמ'-בערד) געקרימט, אויסגעבויגען, געוועלבט.

cam'bering *a.* (קעמ'-בער-אינג) בויי־גענד; געבויגען, געוועלבט.

cam'bial *a.* (קעמ'-בי-על) וואָס איז שייך צו געלד־וועקסלען.

cam'bist *n.* (קעמ'-ביסט) געלד־וועקסלער, חלפן [פון אויסלענדיש געלד].

cam'bistry *n.* (קעמ'-ביס-טרי) די קענט־ניס פון געלד־וועקסעל, מאָס און געוויכט.

cam'bium *n.* (קעמ'-בי-אַם) דער דיקער זאַפט וואָס געפינט זיך אין א בוים צווי־שען דער קאָרע און האָלץ.

camb'let *n.* (קעמ'-לעט) קאַמלעט [א קליידער־שטאָף].

cam'boge *n.* (קעמ'-באָודזש) אזא רויט־ליכע גומי אדער פעך־זאַפט.

camboose' *n.* (קעמ-בוס') די קיך פון א שיף; א וואַגאָן וואָס ווערט צוגע־טשעפּעט צו א פראַכט־צוג, פאַרן קאָנדוק־טאָר און די אנדערע אנגעשטעלטע.

cam'brel *n.* (קעמ'-ברעל) א פערדס הינ־טערשטער פוס.

Cam'brian *a.* (קעמ'-ברי-ען) וואָס איז נוגע צו קעמבריע אדער וועילס [אין ענג־לאַנד]; אין געאָלאָגיע — וואָס איז שייך צו דער קעמברישער פעריאָדע פון דער ערד געשיכטע.

cam'bric *n.* (קיימ'-בריק) אזא דינער לייוונט־שטאָף.

came (קיים). געקומען. ז. *come*
cam'el *n.* (קעמ'-על) א קעמעל.

Camel

cam'el-backed *a.* (קעמ'-על-בעקט) א הויקערדינער; וואס האט א הויקער ווי א קעמעל.
cam'el-bird *n.* (קעמ'-על-בוירד) דער אפריקאנער שטרויס-פויגעל.
cam'el-dri'ver *n.* (קעמ'-על-דראַי'-ווער) א קעמעל-טרייבער.
cam'eleer *n.* (קעמ'-ע-ליער) א קעמעל-טרייבער; א רייטער אויף א קעמעל.
came'leon *n.* (קע-מי'-לי-אָן) כאמע-לעאָן [אזא בעשעפעניש וואס בייט איהרע קאלירען].
camel'lia *n.* (קע-מעל'-יא) די קאמעלע [אזא טעע פלאנצע]; די יאפאנישע ראזע.
cam'elopard *n.* (קעמ'-ע-לאָ-פארד) דער זשיראף [אזא חיה מיט א גפלעקטע פעל און א גאנץ לאנגען האלז].
cam'el's hair (קעמ'-עלז העהר) קעמעל-וואָל.
cam'eo *n.* (קעמ'-אי-או) אן עדעל-שטיין אדער מושעל אין וועלכע עס זיינען אויס-געקריצט רעליעפע [בולט'ע] פיגורען.
cam'era *n.* (קעמ'-ע-רע) א פאטאגראפי-שע קאמערא [אן אפאראט צו פאטאגרא-פירען].
cam'eral *a.* (קעמ'-ע-רעל) וואס איז שייך צו די פינאנסען פון שטאאט אדער צום שאץ-קאמער.
cameralis'tic *a.* (קעמ-ע-רע-ליס-טיק) וואס איז נוגע צו די פינאנסען פון שטאאט.
cameralis'tics *n.* (קעמ-ע-רע-ליס'-טיקס) שטאאטס-פינאנס וויסענשאפט.
cam'era lu'cida (קאמ'-ע-רא ליו'-סי-דא) אזא אפאראט, דורך וועלכען מען קען פראיעקטירען דעם שאטען פון א געגענ-שטאנד אויף א בלאט פאפיער און איהם קאפירען.
cam'era obscu'ra (קאמ'-ע-רא אב-סקיו'-רא) קאמערא אבסקורא [א פינסטע-רער קאמער, א פאטאגראפישער אפא-ראט].
cam'era-stand *n.* (קעמ'-ע-רע-סטענד) דער געשטעל פון א פאטאגראפישען אפא-ראט.
cam'erate *v.* (קעמ'-ע-רייט) בויגען, וועלבען.
cam'erated *a.* (קעמ'-ע-ריי-טעד) איינ-געטיילט אין צימערען; געוועלבט.
camera'tion *n.* (קעמ-ע-ריי'-שאַן) דאס איינטיילען אין צימערען; די וועלבונג.
camerlin'go *n.* (קעמ-ער-לינ'-גאו) דער שאץ-מייסטער (קאזנאטשיי) פון פאפסט.
camise' *n.* (קע-מיס') אזא ברייטע העמד וואס ווערט געטראגען אין די מזרח לענדער; א מאר-גען-קלייד.
cam'let *n.* (קעמ'-לעט) קאמלעט [אזא קליידער-שטאף].
cam'mock *n.* (קעמ'-אַק) א מין סטרוטש-קע-גראז מיט שטעכיגע בלעטלעך. וואקסט אפט אויף קופעס מיסט און ביי די ברע-גען פון פעלדער; אן אויסגעבויגענער שטעקען [בעזאנדערס אזא, וועלכער ווערט בענוצט אין געוויסע שפיעלען מיט א באל]; דאס שפיעל מיט א באל, וואו עס ווערט געברויכט אן אויסגעבויגענער שטע-קען אדער קלעצעל.
cam'omile *n.* (קעמ'-א-מאיל) קאמעלען טהעע.
Camor'ra *n.* (קע-מאר'-א) די קאמארא [א געהיימער פערברעכערישער פעראיין אין נעאפאל, איטאליען].
cam'ous *a.* (קעמ'-אס) [וועגען א נאז] פלאטשיג; וואס האט א פלאטשיגע נאז.
camp *n. and v.* (קעמפ) 1. א לאגער פון מיליטער; א געצעלטען-לאגער; ארוים-געהן אין לאגער; 2. זיך בעזעצען צייטווייליג אין א געצעלט; 3. שטרייטען, קעמפ-פען, מלחמה האלטען.
1. The army **camped** on the plains. 2. The boys spent their vacation **camping.**
campaign' *n. and v.* (קעמ-פיין') 1 מלחמה, פעלדצוג; קאמפף; 2. פאליטי-שער וואהל-קאמפף; 3. זיך בעטייליגען אין א קאמפף.
1. The **campaign** against Tripoli has begun. 2. Every year there is an electoral **campaign.**
campaign'er *n.* (קעמ-פיינ'-ער) איינער וואס האט זיך בעטייליגט אין א קאמפף אדער מלחמה.
campaign' wig (קעמ-פיין' וויג) אזא גרויסער פארוק וואס די אדעליגע פלעגען אמאל טראגען.
campa'na *n.* (קעמ-פיי'-נע) א גלאקען-פערמיגע שיסעל אדער דעקעל.
campan'iform *a.* (קעמ-פענ'-אי-פארם) גלאקען-פערמיג.
campani'le *n.* (קעמ-פע-ני'-לע) א גלאָ-קען-טורעם.
campanil'iform *a.* (קעמ-פע-ניל'-אי-פארם) ז. *campaniform*
campanol'ogy *n.* (קעמ-פע-נאל'-א-דזשי) די קונסט פון גיסען גלאקען; דאס קלינגען מיט גלאקען.
campan'ula *n.* (קעמ-פענ'-יו-לע) די גלאקען-בלום.
campan'ulate *a.* (קעמ-פענ'-יו-לייט) גלאקענפערמיג, ווי א גלאק.
camp'-bed *n.* (קעמפ'-בעד) דאס פעלד-בעט [אין לאגער].
camp'-cei'ling *n.* (קעמפ'-סי'-לינג) אזא איבערלאגע [סטעליע] וואס האט די פארמע פון א געצעלט-דאך.
campes'tral *a.* (קעמ-פעס'-טרעל) וואס איז שייך צו א פרייען פעלד; וואס וואקסט אויף'ן פעלד.
camp'-fight *n.* (קעמפ'-פאיט) א דועל.
camp'-fol'lower *n.* (קעמפ' פאל'-א-ער) איינער וואס געהט נאך מיליטער אין לאגער פאר געשעפטס-צוועקען אדער דארט צו טהאן ארבייט.
cam'phene *n.* (קעמ'-פין) קעמפין [גע-רייניגטער טערפענטין-אויל].
cam'phine *n.* (קעמ'-פין) ז. *camphene*
cam'phor *n.* (קעמ'-פאר) קאנפער.
cam'phorate *v., a. and n.* (קעמ'-פאר-אייט) איינרייבען מיט קאנפער; וואס איז שייך צו קאנפער, איינגעריבען מיט קאנ-פער; קאנפער-זאלץ.
cam'phorated *a.* (קעמ'-פא-ריי-טעד) איינגעריבען מיט קאנפער.
camphor'ic *a.* (קעמ-פאר'-איק) וואס געהערט צו קאנפער.
cam'phor-oil *n.* (קעמ'-פאר-איל) קאנ-פער-אויל.
cam'phor-tree *n.* (קעמ'-פאר-טריע) דער קאנפער-בוים [דער בוים פון וועמעס האלץ מען בעקומט דעם קאנפער].

Camphor-tree

cam'ping *n.* (קעמ'-פינג) דאס זיין אין לאגער.
cam'ping-bed *n.* (קעמ'-פינג-בעד) ז. *camp-bed*
cam'pion *n.* (קעמ'-פי-אן) אזעלכע נעל-קענארטיגע בלומען.
camp'-ket'tle *n.* (קעמפ'-קעטל) דער פעלד-קעסעל [וואו מען קאכט פאר די סאלדאטען, ווען זיי זיינען אין לאגער].
camp'-mee'ting *n.* (קעמפ'-מיע'-טינג) א פערזאמלונג אין וואלד אדער אויף'ן פעלד פאר רעליגיעזע צוועקען.
camp out (קעמפ אוט) א אויפשלאגען א לאגער אויף דעם פרייען פעלד.
camp'-stool *n.* (קעמפ'-סטוהל) א צו-נויפלעג-שטוהל [מיטצונעהמען מיט זיך].
cam'pus *n.* (קעמ'-פאס) דער פלאץ אויף וועלכען עס געפינט זיך אן אוניווערזי-טעט; דער הויף פון אן אוניווערזיטעט.
camp'-vin'egar *n.* (קעמפ'-ווינ'-אי-גער) אזא געמיש פון עסיג מיט פעפער און אנדערע געווירצען.
cam'-wheel *n.* (קעמ'-הוויעל) דוימענ-ראד [אזא מאשין-רעדעל מיט אן ארוים-שטארצונג פאר אונרעגעלמעסיגע אדער און-טערבראכענע בעוועגונגען אין געוויסע טיי-לען פון דער מאשין].
cam'wood *n.* (קעמ'-הוואוד) פארב-האלץ [אזא מין האלץ].
can *v. and n.* (קען) קענען, וויסען, האבען די מעגליכקייט; זיין אימשטאנד: קענטנים, דאס וויסען; א קאן, א קענ-דעל; ארייגלייגען אין א קאן.
Can'ada bal'sam (קענ'-ע-דע באל'-סעם) קאנאדע-באלזאם, קאנאדישער טער-פענטין.
Can'ada goose (קענ'-ע-דע גוהס) די אמעריקאנער ווילדע גאנז.
Can'ada rice (קענ'-ע-דע ראיס) האבער-רייז.
Cana'dian *a. and n.* (קע-ניי'-די-ען) וואס איז נוגע צו קאנאדע; איינער וואס שטאמט פון קאנאדע.

Canada Goose

Cana'dian red trout (קע-ניי'-די-ען רעד טראוט) דער קאנאדישער רויט-פיש [אזא קליינער רויטער פיש אין די וואַ-סערען פון קאנאדע]. ז. איל. "*Fishes*"
canaille' *n.* (קע-נייל') די נידעריגע שיכ-טען פון פאלק, דער גראבער המון.
canal' *n. and v.* (קע-נעל') קאנאל; רעהר; וואסער-קאנאל; רינע; דורכשניי-דען מיט קאנאלען.
canal'age *n.* (קע-נעל'-איידזש) דאס גראבען קאנאלען; דאס קאנאל-סיסטעם;

קאנאל־אבצאהל [פארן דורכפאהרען א קאנאל].

canalic'ulate *a.* (קענ-ע-ליק-יו-לייט) קאנאלפערמיג; אויסגעהעלט.

canalic'ulated *a.* (קענ-ע-ליק-יו-ליי-טעד) ז. *canaliculate*

canaliza'tion *n.* (קע-נעל-אי-זיי'-שאן) דאס גראבען קאנאלען; דאס שאפען פערבינדונגען דורך קאנאלען.

canal'ize *v.* (קע-נעל'-איז) דורכגראבען קאנאלען; פערוואנדלען אין א קאנאל.

canal'-lock *n.* (קע-נעל'-לאק) דער וואסער אבשלוס אין א קאנאל אין דעם ארט וואו שיפען דארפען דורכגעלאזען ווערן.

Canal-lock

canard' *n.* (קע-נארד') אן אויסגעטראכטע מעשה; א משונה'דיגער ליגען.

The newspaper story of the accident proved to be a **canard**.

cana'ry *n. and a.* (קע-ניי'-רי) א קאנאריק, א קאנאריען־פויגעל; דער קאליר פון א קאנאריק [העל־געלב]; וויין פון די קאנאריען־אינזלען; העל־געלב.

cana'ry-bird *n.* (קע-ניי'-רי-בוירד) א קאנאריק, קאנאריען־פויגעל.

cana'ry-col'ored *a.* (קע-ניי'-רי-קאל'-ארד) קאנאריען־פויגעל־קאליר [העל־געלב].

cana'ry-finch *n.* (קע-ניי'-רי-פינטש) ז. *canary-bird*

cana'ry-grass *n.* (קע-ניי'-רי-גרעס) אזא גראז וואס וואקסט אויף די קאנאריען־אינזלען [זיינע זאמען ווערען בענוצט אלס פוטער פאר קאנאריקעס].

cana'ry-seed *n.* (קע-ניי'-רי-סיעד) די זאמען פון קאנאריען גראז.

canas'ter *n.* (קע-נעס'-טער) אזא ראהר־קארב צום פערפאקען טאבאק; אזא זארט רויכער־טאבאק.

canas'ter tobac'co (קע-נעס'-טער טא-בעק'-או) קאנאסטער [אזא מין רויכער־טאבאק].

can'-buoy *n.* (קען'-באי) באיע, אנקער צייכען [א פעראנקערטע פאס אדער שטיק האלץ אין ים, וועלכער צייגט אן די געפעהרליכע ערטער פאר שיפען].

can'cel *v. and n.* (קענ'-סעל) 1. אויסשטרייכען, אויסמעקען; 2. צוריקציהען, אנולירען; 3. דאס פערניכטען א טייל פון א דרוק־זאך אין דרוקעריי איידער עס קומט אין דער עפענטליכקייט.

2. Owing to my ill health, I shall be obliged to **cancel** my lecture engagements.

cancela'tion *n.* (קענ-סע-ליי'-שאן) דאס אויסשטרייכען, דאס פערמעקען; דאס צוריקציהען.

A manufacturer dislikes the **cancelation** of an order.

cancella'rean *a.* (קענ-סע-ליי'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם קאנצלער [דער ערשטער מיניסטער].

cancella'reate *a.* (קענ-סע-ליי'-רי-אייט) ז. *cancellarean*

can'cellate *a.* (קענ'-סע-לייט) געצפערמיג; געטיילט אין קעסטעלעך, דורכגעקרייצט.

can'cellated *a.* (קענ'-סע-ליי-טעד) צוטיילט אין אבטיילונגען; נעץ־פערמיג געטיילט.

cancella'tion *n.* (קענ-סע-ליי'-שאן) ז. *cancelation*

can'cer *v. and n.* (קענ'-סער) קרעבס, ראק; קרעבס־געשוויר, קרעבס־קראנקהייט; זיך איינוואורצלען אדער זיך איינפרעסען ווי א ראק.

Can'cer *n.* (קענ'-סער) מזל סרטן.

can'cerate *v.* (קענ'-סע-רייט) קרעבס־ארטיג ווערען.

cancera'tion *n.* (קענ-סע-ריי'-שאן) דאס וואקסען פון א ראק [קרעבס־קראנקהייט].

can'cerous *a.* (קענ'-סע-ראס) קרעבס־ארטיג, ווי א קרעבס; קראנק אויף א ראק [קרעבס].

can'cerously *adv.* (קענ'-סע-ראס-לי) אויף דעם אופן פון א ראק [קרעבס].

can'cerousness *n.* (קענ'-סע-ראס-נעס) דאס זיין ווי א קרעבס [ראק]; דאס קראנק זיין אויף א ראק.

can'criform *a.* (קענ'-קרי-פארם) וואס האט די פארם פון א קרעבס [ראק].

can'crine *a.* (קענ'-קרין) וואס האט די אייגענשאפטען פון א קרעבס [ראק].

candela'brum *n.* (קענ-דע-ליי'-בראם) א קאנדעלאבער [א רעהרענליכטער], א מנורה.

can'dent *a.* (קענ'-דענט) ווייס־גליהענד.

can'did *a.* (קענ'-דיד) אונפארטייאיש, אפענהערציג, אויפריכטיג.

One **candid** opinion is worth more than a dozen flatteries.

can'didacy *n.* (קענ'-די-דיי-סי) די קאנדידאטור, דאס זיין א קאנדידאט.

The governor's **candidacy** for the Presidency has already been announced.

can'didate *n.* (קענ'-די-דייט) א קאנדידאט [איינער וואס זוכט אדער ווערט פארגעשלאגען פאר אן אמט].

can'didateship *n.* (קענ'-די-דייט-שיפ) ז. *candidacy*

can'didature *n.* (קענ'-די-דיי-טשור) ז. *candidacy*

can'didly *adv.* (קענ'-דיד-לי) ז. *candid*

can'didness *n.* (קענ'-דיד-נעס) אפענהערציגקייט; אויפריכטיגקייט.

can'died *a.* (קענ'-דיד) בעצוקערט.

can'dite *n.* (קענ'-דאיט) דער קאנדיט [אזא קאנאדישער שטיין].

can'dle *n.* (קענדל) א ליכט.

can'dleberry *n.* (קענ'דל-בער-אי) די פרוכט פון דער וואקס־מירטע.

Candleberry

can'dleberry-tree *n.* (קענ'דל-בער-אי-טריע) דער וואקס־מירטען־בוים.

can'dle-bomb *n.* (קענ'דל-באם) א ליכט־באמבע [א גלאז־קוגעל אנגעפילט מיט וואסער, וואס ווערט דערהיצט דורך א ליכט און עקספלאדירט פון דעם דרוק פון דעם וואסער־דאמפף וואס פאנגט זיך אן בילדען אין איהם].

can'dle-case *n.* (קענ'דל-קייס) א ליכט־קעסטעל [א רונדע קעסטעל וואו מען האלט ליכט].

can'dle-coal *n.* (קענ'דל-קאול) קאנעל־קויהלען [א זעהר גוטער הארטער זארט קויהלען].

can'dle-end *n.* (קענ'דל-ענד) דער אבגעברענטער קנויט פון א ליכט [א שנויץ].

can'dle-fish *n.* (קענ'דל-פיש) דער ליכט־פיש [א קליינער ים־פיש, וועלכער איז זעהר פעט און ווערט בענוצט צום פאבריצירען פיש־אויל וואס ווערט אפט געברויכט אנשטאט לעבער־טראן. ער ווערט אויך צוליעב זיין פעטקייט בענוצט פון די פישערס אלס א ליכט, צום ברענען, מען שטעקט אין איהם אריין א קנויטעל און מען צינדט עס אן].

can'dle-hol'der *n.* (קענ'דל-האול'-דער) 1. א לייכטער; 2. א צולייכטער; א צוהעלפער אין א געשעפט אדער אונטערנעהמונג.

2. He is not an important man in the business. He is only a **candle-holder**.

can'dle-light *n.* (קענ'דל-לאיט) די בעלייכטונג פון א ליכט.

can'dle-ma'ker *n.* (קענ'דל-מיי'-קער) א ליכט־ציהער.

Can'dlemas *n.* (קענ'דל-מעס) א קריסטליכער יום טוב דעם צווייטען פעברואר, וועלכער ווערט געפייערט דורך אנצינדען פיעל ליכט.

can'dle-mine *n.* (קענ'דל-מאין) שמאלץ־גרוב.

can'dle-mold *n.* (קענ'דל-מאולד) א ליכט־פורם [צום גיסען ליכט].

can'dle-pow'er *n.* (קענ'דל-פאו'-ער) ליכט־קראפט [די בעלייכטונגס־קראפט פון א נעוויסע ליכט, וועלכע ווערט אנגענומען אלס אן איינהייט צו מעסטען די שטארקייט פון אנדערע בעלייכטונגען].

can'dle-safe *n.* (קענ'דל-סייף) דער ליכט־שפארער [א פארריכטונג, אז דאס ליכט זאל ניט גיך אויסשמעלצען].

can'dle-screen *n.* (קענ'דל-סקריען) דער ליכט־שירעם [א פארריכטונג, אז דאס ליכט זאל ניט בלענדען די אויגען].

can'dle-snuf'fer *n.* (קענ'דל-סנאפ'-ער) ליכט־פוצער [אזא צוואנגעל צום אבשנייצען דעם קנויט פון ליכט].

can'dlestick *n.* (קענ'דל-סטיק) א לייכטער.

can'dle-wick *n.* (קענ'דל-הוויק) א קנויט פון א ליכט.

can'dor *n.* (קענ'-דאר) אפענהערציגקייט, אויפריכטיגקייט.

In all **candor** I must say your contention is not supported by facts.

can'dy *n. and v.* (קענ'-די) קאנפעקטען, צוקערקעס; בעצוקערען, איבערצוקערען.

can'dytuft *n.* (קענ'-די-טאפט) דער בוים־זענף [א פלאנצע].

cane *n. and v.* (קיין) 1. ראהר, טראסטניק; צוקער־ראהר; 2. שפאציר־שטאק; 3. שלאגען מיט א שטאק.

3. The teacher **caned** the boy with a **cane**.

cane'-brake *n.* (קיין'-בריעק) א פלאץ בעוואקסען מיט ראהר; א קוסטארניק פון ראהר.

cane'-hole *n.* (קיין'-האול) א גריבעל צום איינפלאנצען דעם צוקער־ראהר.

cane'-mill *n.* (קיין'-מיל) א צוקער-מיהל.

can'ephore *n.* (קעני-ע-פאור) א סטא-טוע, וועלכע שטעלט פאר א יונגע פרוי מיט א קארב אויפ'ן קאפ.

cane'-plat'ing *n.* (קיין'-פלעט'-אינג) געפלאכטענעס פון ראהר.

canes'cence *n.* (קע-נעס'-ענס) א ווייס-ליכער קאליר.

canes'cent *a.* (קע-נעס'-ענט) ווייסליך, ווייס-גרוי.

cane'-trash *n.* (קיין'-טרעש) דאס אי-בערגעבליבענע פון אויסגעפרעסטע צוקער-ראהר.

can'-hook *n.* (קען'-הוק) אזא קרוק גענוצט ביים ארויפציהען פעסער.

Canic'ula *n.* (קע-ניק'-יו-לע) דער שטערן זיריוס [הונד-שטערן].

canic'ular *a.* (קע-ניק'-יו-לער) וואס איז שייך צו דעם שטערען זיריוס.

Can'icule *n.* (קעני-אי-קיול) ז. *Canicula*

canine' *a.* **and** *n.* (קע-נאין') הינטיש; דאס האבען די נאטור פון א הונד; א הונד; אן אויגען-צאהן [איינער פון די שפיציגע צייהנער נאך וועלכע עס הויבען זיך אן די באק-צייהנער].

canine' ap'petite (קע-נאין' עפ'-אי-טאיט) א הינטישער אפעטיט.

canine' let'ter (קע-נאין' לעט'-ער) דער בוכשטאב R [וועגען זיין קלאנג גערופען „דער הינטישער בוכשטאב"].

canine' mad'ness (קע-נאין' מעד'-נעס) די משוגעת פון א הונד; וואסער-פורכט [א קראנקהייט וואס קומט פון דעם ביס פון א משוגענעם הונד].

canine' teeth (קע-נאין' טיעטה) אויגען-צייהנער [די שפיציגע צייהנער פוןביידע זייטען נאך וועלכע עס הויבען זיך אן די באק-צייהנער].

canine' tooth (קע-נאין' טוהטה) אן אויגען-צאהן. ז. *canine teeth*

can'ister *n.* (קען'-איס-טער) א קליין טהעע-קעסטעל; א מעטאלען קעסטעלע וואו מען האלט דאס הייליגע ברויט אין די קאטוילישע קירכען.

can'ister-shot *n.* (קען'-איס-טער-שאט) א קארטעטש, שראפנעל [אזא באמבע אנגעפילט מיט שטיקלעך אייזען, שטיינ-לעך א. ד. ג.].

can'ker *n.* **and** *v.* (קען'-קער) דער קרעבס [אזא קראנקהייט ביי פלאנצען און חיות]; קרעבס-ווארים [אזא ווארים וואס פרעסט אב פלאנצען און צושטערט זיי]; א צושטערער, א פערדארבער; צופרעסען; פערדארבען ווערען; פערשמוצען, זארא-זען, אנשטעקען; קריגען א קרעבס [ראק].

can'ker-bit *a.* (קען'-קער-ביט) צופרע-סען, פערדארבען [פון קרעבס-ווערים].

can'ker-blos'som *n.* (קען'-קער-בלאס'-אם) צופרעסענע בלום [פון א קרעבס-ווא-רים].

can'kered *a.* (קען'-קערד) צופרעסען [פון קרעבס-ווערים]; פערדריסליך, בייז, שלעכט געשטימט.

can'kerous *a.* (קען'-קער-אס) צופרע-סען, פערדארבען, צושטערט [פון א קרעבס-ווארים]; אייטערדיג.

can'ker sor'row (קען'-קער סאר'-או) די נאגענדע זארג.

can'ker-worm *n.* (קען'-קער-הוואירם) אזא ווארים וועלכער צושטערט פלאנצען און פרוכט.

can'kery *a.* (קען'-קער-אי) צופרעסען; פערראסט; פערדריסליך, בייז, שלעכט גע-שטימט.

can'na *n.* (קען'-א) אזא טראפישע ראהר-ענהליכע פלאנצע; א שטיל, פוס אדער הענטעל פון א פערציערטען געגענשטאנד; אזא לענגען-מאס אין איטאליען; בוים-וואל גראז.

Canna

can'nabine *n.* (קען'-ע-באין) זאפט פון האנף [קאנאפליע].

canned goods (קענד גודז) פרוכטען אדער גרינסען וועלכע ווערען קאנזערווירט אין גוט פערמאכטע בלעכענע פושקעס.

can'nel *n.* (קען'-על) דער שארף פון א כעסער אדער פון א געצייג.

can'nel-coal *n.* (קען'-על-קאול) אזא זארט הארטע קויהלען וועלכע ברענען מיט א העלען פלאם.

can'ner *n.* (קען'-ער) א פערפאקער [איינער וואס איז בעשעפטיגט ביים פער-פאקען פרוכט, גרינסען, פלייש א. ז. וו. אין פעסט פערמאכטע בלעכענע פושקעס].

can'nery *n.* (קען'-ע-רי) א פאבריק וואו מען פערפאקט פרוכטען אדער גרינסען, פלייש א. ז. וו. אין פעסט פערמאכטע בלע-כענע פושקעס.

This fruit was preserved in a cannery in central New York.

can'nibal *n.* **and** *a.* (קען'-אי-בעל) א קאניבאל, איינער וואס עסט מענשליכע פלייש; א חיה וואס עסט דאס פלייש פון חיות פון איהר אייגענעם מין; מענשענ-פרעסעריש.

cannibal'ic *a.* (קען-אי-בעל'-איק) מענ-שענפרעסעריש.

can'nibalism *n.* (קען'-אי-בעל-איזם) קאניבאליזם, מענשענפרעסעריי; גרויזאמ-קייט, ווילדקייט.

cannibalis'tic *a.* (קען-אי-בעל-איס'-טיק) קאניבאליש, מענשענפרעסעריש.

can'nibally *adv.* (קען'-אי-בעל-אי) ווי א קאניבאל [מענשענפרעסער].

can'nie *a.* **and** *adv.* (קען'-אי) זיכער, אהן נעפאהר; פארזיכטיג; געשיקט; קינסט-לעריש; געאיבט; מעסיג, ניט פערשווענ-דעריש; מילד, זאנפט, רוהיג, שטיל; גוט; גליקליך.

can'nikin *n.* (קען'-אי-קין) א קליינע פענדעל.

can'niness *n.* (קען'-אי-נעס) שלויהייט, פארזיכטיגקייט.

can'non *n.* **and** *v.* (קען'-אן) קאנאנע, הארמאט; א צילינדער-שטיק מיט א לאך אין וועלכען עס דרעהט זיך אן אקס אדער שפינדעל; דאס אייזענדעל פון א צוים, וואס ליגענט ביים פערד אין מויל; אויס-שיסען פון א הארמאט.

cannonade' *n.* **and** *v.* (קען-אן-אייד') א קאנאנאדע, א שיסעריי פון קאנאנען [אויפ'ן פיינד]; בעשיסען מיט קאנאנען.

cannona'ding *n.* (קען-אן-איי'-דינג) די שיסעריי פון קאנאנען.

can'non-ball *n.* (קען'-אן-באל) דער קאנאנען-קוגעל, א גראנאט.

can'non-bit *n.* (קען'-אן-ביט) דאס איי-זענדעל פון א צוים וואס ליגט ביים פערד אין מויל.

can'non-bone *n.* (קען'-אן-באון) דער פוס-ביין פון קניע ביז'ן קנעכעל [ביי פיער-פיסיגע חיות].

cannoneer' *n.* (קען-אן-איער') א קא-נאניער, אן ארטילעריסט [א סאלדאט וואס דינט ביי הארמאטען].

cannoneer'ing *n.* (קען-אן-איער'-אינג) די קונסט צו שיסען פון הארמאטען.

can'non-foun'der *n.* (קען'-אן-פאונ'-דער) דער קאנאנען-גיסער.

can'non-met'al *n.* (קען'-אן-מעט'-על) קאנאנען-מעטאל [דאס מעטאל פון וואס עס ווערען געמאכט קאנאנען].

can'non-proof *a.* (קען'-אן-פרוהף) קא-נאנען-זיכער [וואס קען ניט דורכגעשאסען ווערען פון א הארמאט].

can'nonship *n.* (קען'-אן-שיפ) ארטי-לעריע.

can'non-shot *n.* (קען'-אן-שאט) קא-נאנען-קוגעל; קאנאנען-שאס [די ווייט-קייט וואס א קאנאנען-שאס קען דערגריי-כען].

can'not (קען'-אט) קען ניט.

can'nular *a.* (קען'-יו-לער) וואס האט די פארם פון א ראהר.

can'ny *a.* **and** *adv.* (קען'-אי) זיכער, אהן נעפאהר; פארזיכטיג; געשיקט; קינ-סטלעריש; געאיבט; מעסיג, ניט פער-שווענדעריש; מילד, זאנפט, רוהיג, שטיל; גוט; גליקליך.

The Scotch like the Jews are a canny folk.

canoe' *n.* **and** *v.* (קע-נוה') א קליין שיפעל וועלכעס ווערט געמאכט פון שטאם פון א בוים אדער פון קארע; א קליין שי-פעל; זיך שיפען אין א קליינעם שיפעל.

cañ'on *n.* **and** *v.* (קען'-יאן) א טיעפער, שמאלער טהאל צווישען צוויי משופע'דיגע בערג; ארייננעהן אין א טיעפען, שמאלען טהאל [וועגען א טייך].

can'on *n.* (קען'-אן) א געזעץ, א פער-ארדנונג; געזעצען און פעראררדנונגען פון דער קירך; די פול אנערקענטע הייליגע שריפטען פון דער קריסטליכער קירך; א פערצייכניש פון די קריסטליכע הייליגע; א קירכען-בעאמטער, א גייסטליכער; א סיסטעמע צו מעסטען סימעטרישע פיגו-רען דורך דאס מעסטען פון איין גליעד אדער איין טייל; א מעלאדיע וועלכע ווערט געשפיעלט אדער געזונגען פון צוויי אדער מעהרערע אין אזא ארדנונג, דאס נאכדעם ווי איינער פון די זינגער אדער שפיעלער האט אנגעפאנגען די מעלאדיע, פאנגט זי דער צווייטער אן פון אנהויב א. ז. וו.; א זאמלונג פון מאטעמאטישע פארמולעס; א כלל צו לעזען געוויסע מא-טעמאטישע אויפגאבען פון איין כאראק-טער; א פונדאמענטאלער גרונד-געזעץ אין דער לאגיק; א פארשריפט פאר אפאטהע-קערס ווי צו מאכען רפואות; א גרויסער שריפט צום דרוקען ביכער

can'on-bone *n.* (קען'-אן-באון) ז. *cannon-bone*

can'oness *n.* (קען'-אַנ-עס). אַ מאַנאַשקע.

canon'ic *a.* (קע-נאַנ'-איק) קאַנאָניש, וואָס איז שייך צו די הייליגע אָנערקענטע שריפטען פון דער קירך; געזעצליך; אָנערקענט.

canon'ical *a.* (קע-נאַנ'-איק-על) ז. *canonic*.

canon'ical age (קע-נאַנ'-איק-על איידזש) דאָס קאַנאָנישע אַלטער [דאָס אַלטער וואָס איז נויטיג צו קריגען אַ קירכליכען אַמט].

canon'ical books (קע-נאַנ'-איק-על בוקס) ז. *canon of Scripture*.

canon'ical hours (קע-נאַנ'-איק-על אורז) געוויסע שטונדען אין טאָג וועלכע דאַרפען, לויט די פאָרשריפטען פון דער קירך, פערנומען ווערען מיט תפילות.

canon'ical law (קע-נאַנ'-איק-על לאָה) ז. *canon law*.

canon'icalness *n.* (קע-נאַנ'-איק-על-נעס) דאָס זיין קאַנאָניש, דאָס זיין קירכליך הייליג.

canon'ical sins (קע-נאַנ'-איק-על סינז) טוידט-זינד [די זינד וועלכע פלעגען בעשטראָפט ווערען נאָך די אַמאָליגע קירכען-געזעצען מיט'ן טוידט].

canon'icate *n.* (קע-נאַנ'-אי-קייט) דער אָפּיס אָדער אַמט פון אַ קירכען-בעאַמטען אָדער גייסטליכען [קאַנאָניק].

canonic'ity *n.* (קען-אַ-ניס'-אי-טי) ז. *canonicalness*.

can'onism *n.* (קען'-אַנ-איזם) דאָס האַלטען זיך פאַר די קאַנאָנישע געזעצען און מנהגים.

can'onist *n.* (קען'-אַנ-איסט) אַ קענער פון די קאַנאָנישע געזעצען און מנהגים.

canonis'tic *a.* (קען-אַ-ניס'-טיק) קאַנאָניסטיש, וואָס איז שייך צו די קירכען-געזעצען און פעראָרדנונגען.

canonis'tical *a.* (קען-אַ-ניס'-טיק-על) ז. *canonistic*.

canoniza'tion *n.* (קען-אַנ-אי-זיי'-שאַן) דאָס הייליג מאַכען [דאָס ערקלערען איינעם צווישען די הייליגע פון דער קירך].

can'onize *v.* (קען'-אַנ-איז) ערקלערען פאַר אַ הייליגען, איינשרייבען צווישען די הייליגע פון דער קירך.

can'on law (קען'-אַנ-לאָה) קאַנאָנישע געזעצען [קירכליכע געזעצען און פאָרשריפטען].

can'on of Scrip'ture (קען'-אַן און סקריפּ'-טשור) די טיילען פון דער ביבעל, וועלכע זיינען אָנערקענט פון דער קירך אַלס פאָל הייליג; די קאַנאָנישע ביכער [וואו עס זיינען פערשריבען די דינים און מנהגים פון דער קירך].

can'onry *n.* (קען'-אַנ-רי) דער אָפּיס אָדער דער אַמט פון אַ קאַנאָניק [גייסטליכען].

can'opy *n. and v.* (קען'-אָ-פּי) אַ באַלדאַכין, אַן איבערדעק, אַ חופה; דער הימעל; אַזאַ פערציערונגס-דעקעל איבער פענסטער אָדער טהירען פון אַ געביידע; איבערשפּרייטען מיט אַן איבערדעק.

can'opy-bed *n.* (קען'-אָ-פּי-בעד) אַ הימעל-בעט [אַזאַ הויכע בעט אַרומגעהאָנגען מיט גאַרדינען].

can'opy of heav'en (קען-אָ-פּי אָוו העווען) דאָס הימעלס-געוועלב.

cano'rous *a.* (קע-נאָו'-ראָס) מוזיקאַליש, גוט קלינגענד, מעלאָדיש.

cano'rously *adv.* (קע-נאָו'-ראָס-לי) מעלאָדיש, גוט קלינגענד.

cano'rousness *n.* (קע-נאָו'-ראָס-נעס) דאָס זיין מוזיקאַליש, מעלאָדיש.

can't (קענט) *can not* אַבקירצונג פון [קען ניט].

cant *a., n. and v.* (קענט) צביעות'דיג, היפּאָקריטיש; גנבים-שפּראַך, כליזמער-שפּראַך, קידער-ווידער לשון; אַ קאַנט, אַן עק; אַזאַ שיפּס-באַלקען; אַ באַלקען וואָס איז פון צוויי זייטען אָבגעזעגט [פאַר לענג]; דאָס זיין געבויגען אויף אַ זייט; אַ שטויס; בויגען אויף אַ זייט, מאַכען משופּע'דיג; אויסבויגען; אַ שיף אויף אַ זייט; אַ שטויס געבען; אַ וויינענדיגע אָדער רחמנות'דיגע מאַניער פון ריידען [ווי פון בעטלער, בעטענדיג אַ נדבה]; אַ צביעות'דיגע מאַניער פון ריידען [דורך געברויכען פרומע ווערטער]; עטוואָס געגעבען אויף צדקה; ריידען אויף קידער-ווידער לשון, גנבים-שפּראַך, כלי-זמר-שפּראַך א. ז. וו.; פערקויפען דורך אויקציאָן [מאַרג]; ווערען שטאַרק, צוריק קומען צו די כחות; קרעפטיג, שטאַרק; קרום, שרעג, משופּע.

canta'bile *a.* (קען-טאַ'-בי-לי) ליריש; פליסענד [אין דער מוזיק].

can'table *a.* (קען'-טעבל) וואָס קען געזונגען ווערען.

can'taliver *n.* (קען'-טע-ליוו-ער) אַ שפּאַרע פון שטיין אָדער אייזען, וועלכער שטאַרצט אַרויס פון וואַנד צו האַלטען אויף זיך אַ באַלקאָן אָדער דעם דאַך.


Cantaliver

can'taloup *n.* (קען'-טע-לופּ) קאַנטאַלופּ [אַזאַ זאָרט קליינער קירבים וועלכער ווערט געגעסען רויערהייד].

cantan'kerous *a.* (קען-טענ'-קע-ראָס) וואָס צייכענט זיך אויס מיט אַ להכעיס'דיגער נאַטור, וואָס האָט אַ נאַטור פון אַ בעל מחלוקה; בייז, גיפטיג [אין כאַראַקטער].

cant a price (קענט ע פּראַיס) באַטען אַ פּרייז.

canta'ta *n.* (קען-טאַ'-טאַ) אַ געשיכטע אין פערזען צו זינגען פון איין פּערזאָן אונטער דער בעגלייטונג פון אַ מוזיקאַלישען אינסטרומענט; אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָן צו אַ דראַמע וואָס ווערט נור געזונגען און ניט געשפּיעלט.

cantatri'ce *n.* (קען-טע-טריע'-טשע) אַ פּראָפעסיאָנעלע זינגערין.

canteen' *n.* (קען-טיען') אַ כלי צו האַלטען וואַסער אָדער בראָנפען, וועלכע סאָלדאַטען טראָגען מיט זיך; אַ סאָלדאַטען-שענק אין אַ לאַגער וואו עס ווערען פערקויפט שפּייזען און געטרענקע.

can'ter *n.* (קענ'-טער) 1. אַ לייכטער גאַלאָפּ; רייטען אין אַ לייכטען גאַלאָפּ; 2. אַ פּראָפעסיאָנעלער בעטלער; 3. אַ באַטער אויף אַן אויקציאָן [מאַרג].

1. He rode the horse in a canter.

canthar'ides *n.* (קען-טהער'-אי-דיז) שפּאַנישע פליגען [פאַר מעדיצינישע צוועקען].

cant'-hook *n.* (קענט'-הוק) אַ שטאַנג מיט אַן אייזערנעם קריק צו שלעפּען באַלקענס.

Cant-hook

can'thus *n.* (קענ'-טהאָס) דער אויגענווינקעל.

can'ticle *n.* (קענ'-טיקל) אַ לויב אָדער דאַנק געזאַנג צו גאָט [פון דער ביבעל].

Can'ticles *n.* (קען'-טיקלז) שיר השירים, אַ ספר פון תנ"ך.

can'ticoy *n.* (קען'-טי-קאָי) אַ טאַנץ [הויפּטזעכליך אַ רעליגיעזער] ביי די אַמעריקאַנער אינדיאַנער; אַן אונטערהאַלט מיט טענץ.

can'tilever *n.* (קען'-טי-לעוו-ער) ז. *cantaliver*.

can'tiliver *n.* (קען'-טי ליוו-ער) ז. *cantaliver*.

can'tillate *v.* (קען'-טי-לייט) פאַרלעזען האַלב-זינגענדיג [ווי אידישע תפילות].

cantilla'tion *n.* (קען-טי-ליי'-שאַן) דאָס פאַרלעזען האַלב-זינגענדיג [ווי אידישע תפילות].

cantine' *n.* (קען-טין') ז. *canteen*.

can'ting *a.* (קען'-טינג) וואָס רעדט מיט אַ וויינענדיגען, רחמנות'דיגען קול.

can'ting-coin *n.* (קען'-טינג-קאָין) אַ דריי-עקיגער קלעצעל אונטערצושטעלען אונטער אַ פעסעל, אַז זי זאָל זיך ניט וואַקקייקלען.

can'tle *n.* (קענטל) אַ ווינקעל, אַ טייל, אַן אָבגעבראָכען שטיק; דאָס אויסגעבויגענע שטיק אין דעם הינטערשטען טייל פון אַ זאַטעל.

can'to *n.* (קען'-טאָו) אַ טייל פון אַ פּאָעמע; סאָפּראַנאָ שטים; די העכסטע שטימע אין אַ קאָנצערט.

can'to fer'mo (קען'-טאָו פוער'-מאָו) אַ סקאַרבאָווער נגון; די טראַדיציאָנעלע מוזיק פון דער קריסטליכער קירך.

can'ton *n. and v.* (קען'-טאַן) אַ קאַנטאָן, אַ בעצירק; אַ גובערניע; אַ טייל אָדער אַ שטיקעל לאַנד; אַ טייל, אַ שטיק; אַ ווינקעל; אַן עק; איינטיילען אין קאַנטאָנען, גובערניעס אָדער בעצירקען.

canton' *v.* (קען-טאָן') איינקוואַרטירען סאָלדאַטען אין בעזונדערע אָבטיילונגען.

can'tonal *a.* (קען'-טאַנ-על) וואָס געהערט צו אַ קאַנטאָן אָדער בעצירק; וואָס ענטהאַלט קאַנטאָנען אָדער בעצירקען.

can'toned *a.* (קען'-טאַנד) וואָס אויף די זייטען זיינען ווינקלען אָדער אויף די זייטען זיינען פּאַראַן אַרויסגעשטאַרצטע טיילען [וואוגען געוויסע געביידען].

can'tonize *v.* (קען'-טאַנ-איז) איינטיילען אַ לאַנד אין קאַנטאָנען אָדער בעצירקען.

Ireland was cantonized among ten Englishmen.

can'tonment *n.* (קען'-טאַנ-מענט) אַ טייל פון אַ שטאָדט וואו סאָלדאַטען זיינען איינקוואַרטירט; אַ לאַגער פון סאָלדאַטען; אַ מיליטער קוואַרטיר [פאַר אַן אַרמעע].

cantoon' *n.* (קען-טוהן') אַ באַרכענט אָדער סאַמעט עהנליכער בוימוואָל-שטאָף.

can'tor *n.* (קען'-טאַר) אַ קאַנטאָר, אַ חזן; דער געזאַנג-מייסטער אין אַ קירך.

can'toral *a.* (קען'-טאָ-רעל) וואָס איז שייך צו אַ חזן, אַ קאַנטאָר אָדער געזאַנג-מייסטער אין אַ קירך.

can'tred *n.* (קענ'-טרעד) אַ בעצירק [פון 100 דערפער] אין הוויילס [ענגלאַנד].

can'ty *a.* (קענ'-טי) פרעהליך, לעבעדיג.

My friend is a canty fellow.

Canuck' *n. and a.* (קע-נאַק') אַ קאַנאַדער, אַן איינגעבאָרענער פון קאַנאַדע [אַלס אַ זידעל-נאָמען]; קאַנאַדיש.

can'vas *n., a. and v.* (קען'-וועס) גראָבע לייווענד, שיף-זעגעל; זעגעל-לייווענד;

קאנווע [אזא שטאף מיט לעכלעך צום אויסנעהען פיגורען]; געמאכט פון זעגעל-לייוווענד; בעדעקען מיט זעגעל-לייוווענד.

can'vasback *n.* (קענ'-וועס-בעק) א מין ענטעל וואס געפינט זיך אין נארד-אמעריקא ביים ברעג פון אטלאנטישען ים. ז. איל. *"Game birds"*

can'vasback duck (קענ'-וועס-בעק דאק) ז. *canvasback*

can'vass *v. and n.* (קענ'-וועס) 1. פרופען, נאכזוכען, אויספארשען; אויספארשען דורך א דעבאטע; 2. דיסקוטירען, דעבאטירען; 3. נאכפארשען אימעצענס מיינונג; נאכפארשען מיינונגען דורך געהן אויספרעגען; ריידען צו אימעצען אום צו ווירקען אויף איהם ער זאל שטימען פאר א געוויסע פערזאן אדער געזעץ; ארומגעהן צווישען די איינוואהנער נאכפארשען זייערע מיינונגען און זוכען ווירקען אויף זיי, אז זיי זאלען שטימען פאר א געוויסע פערזאן אדער געזעץ; 4. ארומגעהן זוכען אדער בעטען בעשטעלונגען, אבאנעמענטען א. ז. וו.; 5. דאס נאכפארשען אימעצענס מיינונג צו וויסען פאר וועלכען קאנדידאט ער וועט שטימען ביי די וואהלען; אן אבשאצונג פון שטימען וועלכע זיינען אבגעגעבען געווארען פאר א קאנדידאט אדער געזעץ; דאס געהן זוכען אדער בעטען שטימען ביי די וואהלען; 6. א דיסקוסיאן, א דעבאטע.
2. We are likely to **canvass** the sentiment. 3. My friend asks me to **canvass** the district for votes. 4. He earns his living **canvassing** subscriptions for a magazine. 5. No previous **canvass** was made for me.

can'vasser *n.* (קענ'-וועס-ער) איינער וואס געהט זוכען שטימען פאר א קאנדידאט ביי די וואהלען; איינער וואס געהט זוכען בעשטעלונגען; איינער וואס צעהלט נאך די שטימען, וועלכע זיינען אבגעגעבען געווארען ביי וואהלען.

can'vas-work *n.* (קענ'-וועס-הוואירק) אויסגענעהטע פיגורען אויף קאנווע.

ca'ny *a.* (קיי'-ני) ראהר; געמאכט פון ראהר מיט ראהר בעוואקסען.

can'yon *n.* (קענ'-יאן) א טיפער טהאל צווישען צוויי משופע'דיגע בערג.
The Rocky Mountains have many **canyons.**

canzo'ne *n.* (קענ-זאו'-ניי) א לירישעס ליעד אין איטאליענער סטיל.

canzonet' *n.* (קענ-זא-נעט') א קורצעס ליעד, א לייכטע אריע.

caou'tchouc *n.* (קוה'-טשוק) קויטשוק, גומעלאסטיק.

caou'tchouc tree (קוה'-טשוק טריע) א קויטשוק-בוים.

Caoutchouc Tree

cap *n. and v.* (קעפ) א היטעל; א מיצעל, א קעפקע, א יארמאלקע; א צודעק; א קאפ, א שפיץ; בעדעקען; אנטהאן א היטעל אדער יארמאלקע.

cap. *capital* אבקירצונג פון ווארט

capabil'ity *n.* (קיי-פע ביל'-אי-טי) פעהיגקייט, מויגליכקייט; דאס זיין אימשטאנד.

ca'pable *a.* (קיי'-פעבל) פעהיג, געשיקט; אימשטאנד.

ca'pableness *n.* (קיי'-פעבל-נעס) געשיקליכקייט; פעהיגקייט; דאס זיין אימשטאנד.

ca'pably *adv.* (קיי'-פע-בלי) מיט פעהיגקייט, מיט געשיקטקייט.

capa'cious *a.* (קע-פיי'-שאס) גרויס, געראם.
The hippopotamus has a **capacious** mouth.

capa'ciously *adv.* (קע-פיי'-שאס-לי) אויף א געראמען אופן; אין א גרויסען גראד.

capa'ciousness *n.* (קע-פיי'-שאס-נעס) געראמקייט, גרויסקייט.

capac'itate *v.* (קע-פעס'-אי-טייט) פעהיג, טיכטיג, געשיקט מאכען.

capacita'tion *n.* (קע-פעס-אי-טיי'-שאן) דאס מאכען פעהיג.

capac'ity *n.* (קע-פעס'-אי-טי) 1. דער רוים, די געראמקייט, גרוים; דער קוביק-אינהאלט; 2. די פעהיגקייט עפעס צו בעגרייפען, גייסטעס פעהיגקייט; 3. בעשעפטיגונג.
1. The **capacity** of the tank is 100 gallons. 2. His **capacity** for work is wonderful. 3. He acts in the **capacity** of bookkeeper.

capac'ity for heat (קע-פעס'-אי-טי פאר היעט) די היץ וואס איז נויטיג צו הויבען די טעמפעראטור פון א געגענשטאנד אויף איין גראד.

cap and bells (קעפ ענד בעלז) א מיצעל מיט גלעקלעך [א קלאון-מיצעל].

cap and crouch (קעפ ענד קראוטש) זיך נייגען און בויגען.

cap a pair of boots (קעפ ע פעהר און בוהטס) צומאכען קעפלעך [פארשוה] צו שטיוועל.

cap-a-pie *adv.* (קעפ-ע-פי') פון קאפ ביז די פים.
Armed at all points, exactly, **cap-a-pie.**

capar'ison *n.* (קע-פער'-אי-סאן) א שעהנע געפוצטע דעקע פון א פערד; שעהנע קליידער; אן אויסשטייער.

capar'isoned *a.* (קע-פער'-אי-סאנד) בעדעקט מיט א שעהנע געפוצטע דעקע [וועגען א פערד]; בעדעקט, בעפוצט.

cap'-cloud *n.* (קעפ'-קלאוד) א ווייסער וואלקען וואס בעדעקט דעם שפיץ פון א בארג ווי א היטעל.

cape *n.* (קייפ) א שטיק לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין ים; א שפיץ; א פעלערינע; א מאנטעל-קאלנער.

cape'-chis'el *n.* (קייפ'-טשיז'-על) אזא שמאלער דלאט אויסצוהאקען ריצען אדער שפאלטען אין מעטאל.

caped *a.* (קייפט) מיט א קאלנער, מיט א פעלערינע.

cap'elan *n.* (קעפ'-ע-לען) דער צווערג-לאקס [א קליינער לאקס פיש אין די וואסערען פון גרענלאנד].

cap'ellet *n.* (קעפ'-ע-לעט) אזא געשוואולסט אויף א פערדס פוס.

capell'meister *n.* (קע-פעל'-מאיס-טער) א קאפעלמייסטער, א דירינענט פון אן ארקעסטער.

ca'per *n. and v.* (קיי'-פער) א שפרונג, א טאנץ; שפרינגען; די קנאספע פון דעם קאפער-שטרויך [אזא פלאנצע].

ca'per about' (קיי'-פער ע-באוט') ארומשפרינגען.
He **capers about** like a lamb.

ca'per-bush *n.* (קיי'-פער-בוש) דער קאפער-שטרויך [אזא פלאנצע וואס וואקסט אויף אלטע ווענד און פעלזען].

Caper-bush

ca'per-cut'ting *a.* (קיי'-פער-קאט-אינג) ארומשפרינגענדיג, ארומטאנצענדיג.

ca'perer *n.* (קיי'-פער-ער) א לופטשפרינגער; א טענצער.

ca'per-tree *n.* (קיי'-פער-טריע) דער קאפער-בוים [א קליין בוימעל אין אויסטראליען אויף וועלכען עס וואקסען גרויסע פרוכט ווי אפעלסינען].

cap'ful *n.* (קעפ'-פול) א פולע היטעל, א ביסעל.

cap'ful of wind (קעפ'-פול אוו ווינד) א שוואכער ווינד.

ca'pias *n.* (קיי'-פי-עס) א שריפטליכער פערהאפטונגס-בעפעהל.

capiba'ra *n.* (קעפ-אי-ביי'-רא) דער ים-חזיר.

Capibara

capilla'ceous *a.* (קעפ-אי-ליי'-שאס) עהנליך צו האר.

capil'lament *n.* (קע-פיל'-ע-מענט) א דינער פעדימעל, ווי א האר; א פאדים-דינער בלומען שטענגעל.

cap'illariness *n.* (קעפ'-אי-ליי-רי-נעס) קאפילאריטעט. ז. *capillarity*

capillar'ity *n.* (קעפ-אי-לער'-אי-טי) קאפילאריטעט [די פיזיקאלישע איינגעשאפט פון פליסיגקייטען זיך ארויפצוציהען אין דער הויך אין דינע רעהרלעך, אדער די איינגעשאפט פון פליסיגקייטען זיך צו פארמירען אין טראפענס, זיך אויסצושפרייטען אויף א פלעכע ווי אויל אויף וואסער אדער אין געוואנד א. ז. וו.]; דאס זיין ווי א האר, דאס האבען די עהנליכקייט צו א האר.

cap'illary *a.* (קעפ'-אי-לע-רי) ווי א האר, דין ווי א האר; וואס איז שייך צו קאפילאריטעט. ז. *capillarity*

cap'illary attrac'tion (קעפּ'-אי-לע-רי ע-טרעק'-שאן) די איינענשאפּט פון פליסיגקייטען זיך ארויפצוציהען אין דער הויך אין א דין רעהרעלע.



Capillary Attraction

cap'illary tube (קעפּ'-אי-לע-רי טיוב) א קאפּילאר רעהרעל [אזא גאנץ דין רעהרעלע. ווען אזא רעהרעלע ווערט אריינגעשטעלט אין וואסער, ציהט זיך דאס וואסער אין איהם ארויף אין דער הויך; וואס דינער דאס רעהרעלע איז, אלץ העכער ציהט זיך אין איהם ארויף דאס וואסער].

cap'illary veins (קעפּ'-אי-לע-רי וויינז) האר-דינע אדערלעך.

cap'illary ves'sels (קעפּ'-אי-לע-רי וועס'-עלז) ז. *capillary veins*

capil'lature *n.* (קע-פּיל'-ע-טשור) א קודלע האר.

capil'liform *a.* (קע-פּיל'-אי-פארם) הארפערמיג, האר-עהנליך.

cap'illose *a.* (קעפּ'-אי-לאוס) האריג.

cap'ital *n. and a.* (קעפּ'-אי-טעל) דער קאפּ פון א זייל; קאפּיטאל, געלד; דער קרן; הויפּטשטאדט; אנפאנגס-בוכשטאב, גרויסער בוכשטאב; הויפּט; אויסגעצייכענט.

cap'ital cit'y (קעפּ'-אי-טעל סיט'-אי) די הויפּט-שטאדט.

Washington is the capital city of the United States.

cap'ital crime (קעפּ'-אי-טעל קראים) א טוידט-פערברעכען.

capitalisa'tion *n.* (קעפּ-אי-טעל-אי-זיי'-שאן) ז. *capitalization*

cap'italism *n.* (קעפּ'-אי-טעל-איזם) קאפּיטאליזם, דאס קאנצענטרירטע קאפּיטאל פון דער וועלט אלס מאכט; די געזעלשאפטליכע סיסטעמע, וועלכע בעגינסטיגט די אויפזאמלונג פון קאפּיטאל אין איינצעלנע הענד.

cap'italist *n.* (קעפּ' אי טעל-איסט) א קאפּיטאליסט, א רייכער.

capitalis'tic *a.* (קעפּ-אי-טעל-איס'-טיק) קאפּיטאליסטיש.

capitaliza'tion *n.* (קעפּ אי-טעל אי-זיי'-שאן) קאפּיטאליזירונג, פערוואנדלונג אין קאפּיטאל; דאס מאכען צו געלד; דאס פערוואנדלען אין אקציעס דעם ווערטה פון א געשעפט; דאס ניצען פון גרויסע בוכשטאבען אין אנפאנג פון ווערטער, אין שריפט אדער דרוק.

cap'italize *v.* (קעפּ'-אי-טעל-איז) 1. קאפּיטאליזירען, פערוואנדלען אין קאפּיטאל; מאכען צו מזומן געלד [אבנעהמען א גרעסערע סומע געלד מיט איין מאל פאר אן איינקונפט וואס קומט אריין ביסלעכווייז]; 2. פערוואנדלען אין ווערטה-פּאפּיערען אדער אקציעס דעם ווערטה פון א געשעפט; 3. אנפאנגען מיט א גרויסען בוכשטאב.

1. I want to capitalize my pension and rents. 2. The company is capitalized for $1,000,000.

cap'ital let'ters (קעפּ'-אי-טעל לעט'-ערז) גרויסע בוכשטאבען, אנפאנגס-בוכשטאבען [מיט וועלכע מען פאנגט אן א זאץ, א נאמען א. ז. וו.].

cap'itally *adv.* (קעפּ'-אי-טעל-אי) פערלירענדיג דעם קאפּ, דורך טויט-שטראף; אויף אן אויסגעצייכענטען אופן.

cap'itally convic'ted (קעפּ'-אי-טעל-אי קאן-וויק'-טעד) בעשולדיגט אין א קרימינעלען פערברעכען, פאר וועלכען עס קומט טוידט-שטראף.

cap'italness *n.* (קעפּ' אי טעל-נעס) דאס זיין גרויס; דאס זיין אויסגעצייכענט.

cap'ital offense' (קעפּ'-אי-טעל א-פענס') ז. *capital crime*

cap'ital pun'ishment (קעפּ'-אי-טעל פאנ'-איש מענט) טוידט-שטראף.

cap'ital stock (קעפּ'-אי-טעל סטאק) דער קרן, גרונד-קאפּיטאל.

cap'itate *a.* (קעפּ'-אי-טייט) קאפּפערמיג, עהנליך צו א קאפּ [ביי פלאנצען].

capita'tion *n.* (קעפּ-אי-טיי'-שאן) קאפּ-שטייער; קאפּ-צאהל [די צאהל פון מענשען אין א שטאדט אדער לאנד].

capita'tion tax (קעפּ-אי-טיי'-שאן טעקס) קאפּ-שטייער.

cap'ite *n.* (קעפּ'-אי-טי) דאס פּריצישע רעכט אין מיטעל-אלטער-צייט אויף לאנד-אייגענטום, וועלכע זיי פלעגט געגעבען ווערען דירעקט פון קעניג.

Cap'itol *n.* (קעפּ'-אי-טאל) קאפּיטאל, דער טעמפּעל פון דעם רוימישען גאט יופּיטער אין רוים; די קאנגרעס-געביידע [פּארלאמענט] אין וואשינגטאן; די לעגיסלאטור-געביידע [לאנדס-פּארלאמענט] אין די איינצעלנע שטאאטען פון אמעריקא.

Cap'itoline *a.* (קעפּ'-אי-טא-לאין) וואס איז שייך צום קאפּיטאל אין רוים [דער טעמפּעל פון גאט יופּיטער].

capit'ulant *n.* (קע-פּיט'-יו-לענט) איינער וואס קאפּיטולירט, גיט זיך אונטער דעם פיינד.

capitulan'te *n.* (קא-פּי-טו-לאנ'-טע) א פּאדריאדטשיק.

capit'ular *n. and a.* (קע-פּיט'-יו-לאר) געזעץ-בוך פון א קירכען-מיניסטעריום; א מיטגליעד פון א קירכען-ראטה; וואס בעלאנגט צו א קאפּיטעל [פון א בוך]; וואס בעלאנגט צו א קירכען-ראטה; וואס וואקסט אין קעפּלעך.

capit'ulary *a. and n.* (קע-פּיט'-יו-לע-רי) ז. *capitular*

capit'ulate *v.* (קע-פּיט'-יו-לייט) 1. פערפאסען א שריפט אין קאפּיטלען; שליסען אן אבמאך; 2. קאפּיטולירען, זיך אונטערגעבען דעם פיינד.

2. The army was willing to capitulate.

capitula'tion *n.* (קע-פּיט-יו-ליי'-שאן) די קאפּיטולאציאן, דאס אונטערגעבען זיך דעם פיינד; דער אבמאך וואס א קייזער אין דער אמאליגער רוים פלעגט שליסען פאר דער קרוינונג מיט די בירגער, וועגען געוויסע קאנצעסיאנען; דער אבמאך וואס די טערקישע סולטאנען פלעגען שליסען מיט אויסלענדישע מעכטע וועגען קאנצעסיאנען.

capit'ulator *n.* (קע-פּיט'-יו-ליי טאר) איינער וואס קאפּיטולירט, וואס גיט זיך אונטער דעם פיינד.

capit'ulatory *a.* (קע-פּיט'-יו-ליי-טא-רי) קורץ געפאסט, אנגעשריבען אין קאפּיטלען; וואס איז שייך צו קאפּיטולאציאן [אונטערגעבען זיך דעם פיינד].

capit'ulum *n.* (קע-פּיט'-יו-לאם) דער קאפּ פון א ביין; בלומען-קאפּ.

capi'vi *n.* (קע-פּי'-ווי) קאפּאיוו-באלזאם.

cap'lin *n.* (קעפּ'-לין) א מין קליינער שטאק-פיש · א לעדערנער רימענדעל פון א דרעש-שלעגעל.

cap'nomancy *n.* (קעפּ' נא-מענ-סי) נביאות-זאגעריי פון דעם אויפשטייגען אדער בעוועגונג פון רויך.

cap of all the fools (קעפּ אוו אהל טהי פוהלז) דער גרעסטער נאר אויף דער וועלט.

ca'pon *n. and v.* (קיי'-פאן) א קאפּ-האהן [א האהן וועלכען מען האט מסרס געווען]; מאכען פאר א קאפּ-האהן.

caponiere' *n.* (קעפּ-א-ניער') א לויף-גראבען [א בעשיצטער גראבען אין א פעסטונג וועלכער פיהרט פון איין ארט צו א צווייטען].

ca'ponize *v.* (קיי'-פאנ-איז) מסרס זיין א האהן, מאכען פאר א קאפּ-האהן.

caponniere' *n.* (קעפּ-א-ניער') ז. *caponiere*

capot' *n. and v.* (קע-פּאט') דאס געווינען אלע פונקטען [40] אין פּיקעט-שפּיעל; געווינען אלע פונקטען אין פּיקעט-שפּיעל.

capote' *n.* (קע-פּאוט') א קאפּאטע, א לאנגער מאנטעל מיט א קאפּישאן.

cap'padine *n.* (קעפּ'-ע-דין) א שלעכטער זארט זייד [ווערט געמאכט פון די לעצטע זייד-פעדים, וועלכע ווערען אראבגענומען פון די זייד-ווערים].

cap'per *n.* (קעפּ'-ער) א געצייג אנצובריינגען די צינד-היטעלעך צו באמבעס; א שפּיון; א היטעל-מאכער; אן אנגעשטעלטער באטער ביי אויקציאנען [ליציטאציעס, טארגעס].

cap'-piece *n.* (קעפּ'-פּיעס) טראג-באלקען, אויבער-שוועל, אויבערשטעביישטידעל [משקוף] ביי טהירען און פענסטער.

cap'reolate *a.* (קעפּ'-רי-א-לייט) וואס האט אדער איז עהנליך צו פעדים.

capre'olus *n.* (קע-פּרי'-א-לאס) דער פעדים-עהנליכער טייל פון א פלאנצע, וואס דרעהט זיך ארום עפּעס אום זיך אנצוהאלטען; אזא ווילדע ציג.

capric'cio *n.* (קע-פּריטש'-יא) א מוזיקאלישע אדער מאהלערישע שטיק אין א פרייע, אונרעגולערע און אפט ווילדע און קאפּריזנע פארם; קאפּריז.

capriccio'so *adv.* (קע-פּרי-טשיאו'-סא) פאנטאסטיש [וועגען מוזיק].

caprice' *n.* (קע-פּרים') קאפּריז.

capri'cious *a.* (קע-פּריש' אס) קאפּריזנע.

capri'ciously *adv.* (קע-פּריש'-אס-לי) אויף א קאפּריזנעם אופן.

capri'ciousness *n.* (קע-פּריש'-אס-נעס) קאפּריזנעקייט.

Cap'ricorn *n.* (קעפּ'-רי-קארן) מזל גדי [אין דער אסטראנאמיע].

cap'ricorn *n.* (קעפּ'-רי-קארן) א שטיין-באק.

cap'ricorn beetle (קעפּ'-רי-קארן ביעטל) דער באק-קעפער [אזא זשוק].

cap'rid *a.* (קעפּ'-ריד) וואס געהערט צו דעם ציגען-מין; וואס איז שייך צו א ציג.

caprifo'lium *n.* (קעפּ-רי-פאו'-לי-אם) דאס ציגען-בלאט [אזא פלאנצע וואס איהרע בלעטער האבען די עהנליכקייט צו א ציגען-קאפּ].

cap'riform *a.* (קעפּ'-רי-פארם) וואס זעהט אוים ווי א ציעג, וואס איז עהנליך צו געוויסע קערפּער-טיילען פון א ציעג.

cap'rin *n.* (קעפּ'-רין) דער שטאף וואס געפינט זיך אין פּוטער, וועלכער גיט דעם געשמאק און דעם ריח, וואס פּוטער האט.

cap'rine *a. and n.* (קעפּ'-רין) עהנליך צו א ציעג; דער שטאף וואס געפינט זיך אין פּוטער, וועלכער גיט דעם געשמאק און דעם ריח וואס פּוטער האט.

cap'riole *n. and v.* (קעפּ'-רי-אוֹל) א שפּרונג; אזא אויסגעלערענטער שפּרונג פון א פערד מיט די הינטערשטע פיס; שפּרינגען, מאכען א שפּרונג.

cap'riped *a.* (קעפּ'-רי-פּעד) וואס האט פיס ווי פון א ציג

cap'-sheaf *n.* (קעפּ'-שיעף) דאס אויבערשטע, דאס העכסטע; העכסטע מדרגה.

Cap'sicum *n.* (קעפּ'-סי-קאם) אזא מין אמעריקאנער פעפער-פלאנצען.

capsize' *v. and n.* (קעפּ-סאיז') זיך איבערקעהרען, אומקעהרען; אומפאלען; אן איבערקעהרען זיך.

cap'stan *n.* (קעפּ'-סטען) א הויב-מאשין אויף א שיף [אזא פּעטעל-עהנליכער ראד אויף אן אקס צו הויבען משא אויפ'ן שיף].



Capstan

cap'stone *n.* (קעפּ'-סטאון) דער אויבערשטער שטיין פון א געביידע.

cap'sular *a.* (קעפּ'-סיו-לאר) פּוסט ווי א קאפּסול, עהנליך צו א קאפּסול.

cap'sulate *a.* (קעפּ'-סיו-לייט) איינגעשלאסען אדער איינגעפּאסט אין א קאפּסול.

cap'sulated *a.* (קעפּ'-סיו-ליי-טעד) ז. *capsulate*

capsula'tion *n.* (קעפּ-סיו-ליי'-שאן) דאס איינשליסען אדער איינפּאסען אין א קאפּסול.

cap'sule *n.* (קעפּ'-סיול) א קאפּסול; דער זאמען-קאפּסול ביי פלאנצען.

cap'suled *a.* (קעפּ'-סיולד) ז. *capsulate*

cap'tain *n. and v.* (קעפּ'-טיין) קאפּיטאן, הויפּטמאן; דער בעסטער שילער אין א שול; דער הויפּט פון א פּארטיי אין קריקעט-שפּיעל; קאמאנדעווען, זיין א הויפּטמאן.

cap'taincy *n.* (קעפּ'-טיין-סי) דאס אמט פון א קאפּיטאן.

cap'tain-gen'eral *n.* (קעפּ'-טיין-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראל-פעלדמארשאל, דער עלטסטער איבער אן ארמעע.

cap'tain-lieuten'ant *n.* (קעפּ'-טיין-ליו-טענ'-ענט) אן אפיציער וואס האט דעם טיטול קאפּיטאן נאר בעקומט געהאלט אלס לייטענאנט.

cap'tain of foot (קעפּ'-טיין אוו פוט) א קאפּיטאן פון פוס-סאלדאטען.

cap'tain of horse (קעפּ'-טיין אוו הארס) א קאפּיטאן פון קאוואלעריע.

cap'tain-pash'a *n.* (קעפּ'-טיין-פּעש'-א) אן אמאליגער טיטעל אין טערקיי פאר דעם פלאט-מיניסטער און פון דעם ערשטען אדמיראל.

cap'tainship *n.* (קעפּ'-טיין-שיפּ) דער אפּיס אדער דער אמט פון א קאפּיטאן.

cap the cli'max (קעפּ טהי קלאי'-מעקס) געהן ביז צום אויסערען, אריבער-טרעטען אלע גרענעצען.

cap'tion *n.* (קעפּ'-שאן) פערהאפטונג; האפּטס-בעפעהל; איבערשריפט אדער טיטעל פון א דאקומענט אדער אן ארטיקעל.

cap'tious *a.* (קעפּ'-שאס) שווער צופרידען צו שטעלען, קריגעריש, וואס זוכט רק חסרונות.

His captious criticism is destructive of harmony.

cap'tiously *adv.* (קעפּ'-שאס-לי) זוכענדיג רק חסרונות; אויף א קריטיקירענדען אופן.

cap'tiousness *n.* (קעפּ'-שאס-נעס) די נאטור זיך צו קריגען, אדער צו זוכען חסרונות.

cap'tivate *v.* (קעפּ'-טי-ווייט) 1. בעצויבערען; 2. פערשקלאפען.

1. He was captivated by her beauty.

cap'tivating *a.* (קעפּ'-טי-וויי-טינג) בעצויבערענד.

Her manners are captivating.

captiva'tion *n.* (קעפּ-טי-וויי'-שאן) דאס בעצויבערען, דאס בעצויבערט ווערען.

cap'tive *n. and a.* (קעפּ'-טיוו) א קריעגס-געפאנגענער; א שקלאף; וואס איז גענומען געפאנגען; וואס ווערט געהאלטען אין געפאנגענשאפט.

cap'tive state (קעפּ'-טיוו סטייט) די געפאנגענשאפט.

captiv'ity *n.* (קעפּ-טיוו'-אי-טי) געפאנגענשאפט; דאס זיין אין קריעגס-געפאנגענשאפט.

cap'tor *n.* (קעפּ'-טאר) א כאפּער, איינער וואס נעהמט געפאנגען [א פערזאן אדער א שיף].

cap'turable *a.* (קעפּ'-טשור-עבל) וואס קען געפאנגען ווערען.

cap'ture *n. and v.* (קעפּ'-טשור) דאס נעהמען אין געפאנגענשאפט; דאס אוועקנעהמען מיט געוואלט; דאס כאפּען אדער פאנגען; א זאך וואס איז אוועקגענומען געווארען מיט געוואלט; אוועקנעהמען מיט געוואלט; נעהמען אין געפאנגענשאפט; כאפּען, פאנגען.

Capuchin' *n.* (קעפּ-יו-שין') א קאפּוצינער [א מיטגליעד פון א געוויסען מאנאכען ארדען, געגרינדעט אין יאהר 1528 אין איטאליען].

capuchin' *n.* (קעפּ-יו-שין') א קאפּושאן; אזא אבעזיאנע [מאלפּע] אין זיד-אמעריקא; אזא מין טויבען.

cap'ucine *n.* (קעפּ'-יו-סין) אזא אבעזיאנע [מאלפּע] אין זיד-אמעריקא; אזא שעהנער רויטליכער אראנזש-קאליר.

cap'ut *n.* (קעפּ'-אט) דער קאפּ; דאס געזעצליכע רעכט פון א בירגער.

cap'ut mor'tuum (קעפּ'-אט מאר-טשו-אם) א טויטער קאפּ; א זאך פון וועלכע עס איז אבגענומען געווארען איהר ווערטה.

cap vers'es (קעפּ ווארס'-עז) שנעל פערלעזען פערזען, וועלכע פאנגען זיך אן מיט א בעשטימטען בוכשטאב.

cap wea'ner (קעפּ וויע'-נער) א שלאס וואס מהוט זיך אן אויף דער נאז ביי קיה, זיי זאלען ניט קענען זיך אליין אבזויגען די מילך [דער שלאס שטערט זיי אבער ניט צום עסען].

Cap Weaner

capyba'ra *n.* (קעפּ-אי-ביי'-רא) ז. *capibara*

car *n.* (קאר) קריעגס וואגען; וואגאן; רייט-וואגען; דאס בילד-פון זיבען שטערען אין אסטראנאמיע.

carabineer' *n.* (קאר-ע-בי-ניער') א קא-ראבינער [א סאלדאט וואס איז בעוואפענט מיט א קאראבינער-ביקס].

car'acal *n.* (קער'-ע-קעל) א מין ווילדע קאץ אין נארד-אפריקא און זיד-וועסט אזיען.

caracar'a *n.* (קער-ע-קער'-א) א געוויסער זיד-אמעריקאנער פויגעל, ער האט א לאנגען עק, א שווארצען קרוממען שנאבעל, געלבע פיס און ווייס-געלבע געשפּריצטע פעדערען.

Caracara

car'ack *n.* (קער'-עק) אזא זארט אלטע פּארטוגעזישע אדער שפּאנישע שיף וואס פלעגט בענוצט ווערען פאר קריעגס-צוועקען און פאר פראכט.

car'acole *n. and v.* (קער'-ע-קאול) א האלבע אומדרעהונג רעכטס אדער לינקס פון א פערד ביים רייטען; געדרעהטע טרעפּ; ארומדרעהען א פערד אין האלבע רונדונגען ביים רייטען.

car'acoli *n.* (קער'-ע-קאל-אי) א לעגירונג [צונויפשמעלצונג] פון גאלד, זילבער און קופּער.

car'acoly *n.* (קער'-ע-קאל-אי) ז. *caracoli*

carafe' *n.* (קע-רעף') א קאראפע, קא-ראפין, וואסער-פלאש.

carageen' *n.* (קער-ע-גיען') אזא עס-בארער רויטליכער מאך וואס וואקסט אויף פעלזען אין ים [זעהר פערשפּרייט אין ענגלאנד און אירלאנד].

caragheen' *n.* (קער-ע-גהיען') ז. *carageen*

car'amel *n.* (קער'-ע-מעל) קאראמעל [אזא צוקערקע].

Car'anx *n.* (קער'-ענקס) אזא מין פיש וועלכע זיינען פלאך און ברייט.

car'apace *n.* (קער'-ע-פּיים) דער הארטער שאלאכץ וואס בעדעקט מאנכע בעשעפענישען ווי א ראק, א טשערעפּאכע א. ד. ג.

car'at *n.* (קער'-עט) א קאראט [א גע-וויכטס-איינהייט פאר עדעלשטיינער, וואס איז גלייך צו 205 מיליגראם, אדער און-געפעהר א 152-טעל פון אן אונץ אדער א 240-טער טייל פון א לויט]; א 24-טער טייל, בעזאנדערס ביי דער בעשטימונג פון דעם ווערטה פון גאלד [ריינער גאלד איז פון 24 קאראט, ווען זעקס 24-טעל, למשל, איז צונעמישט פון אן אנדער מעטאל, דאן איז דאס גאלד פון 18 קאראט. געוועהנליכע גאלד-ציערונג אין אמעריקא איז פון 14 קאראט גאלד].

car'avan *n.* (קער'-ע-ווען) א קאראוואן, א קאמפּאניע פון רייזענדע הענדלער אין

אפריקא אדער אזיען [געוועהנליך מיט קעמלען]; א גרויסע קאמפאניע רייזענדער מיט געפעק; א גרויסער געדעקטער וואגען, וואס פיהרט א קאמפאניע רייזענדער; א גרויסער טראנספארט וואגען.

caravan'sary *n.* (קער-ע-וועג'-סע-רי) א גאסטהויז פאר קאראוואנען אין אזיען.

car'avel *n.* (קער'-ע-וועל) א לייכטע שיף אין פארטוגאל און שפאניען אין 15טען יאהר=הונדערט; אזא טערקישע פראכט=שיף.

car'away *n.* (קער'-ע-הוויי) פעלד=קימעל [פלאנצע].

car'away com'fits (קער'-ע-הוויי קאמ'-פיטס) צוקער=געבעק מיט קימעל.

car'bid *n.* (קאר'-ביד) א כעמישע צוזאמענזעצונג פון קויהלען=זויערע מיט א מעטאל.

car'bide *n.* (קאר'-באיד) ז. *carbid*

car'bine *n.* (קאר'-באין) א רייטער=פלינט [א מין קורצער ביקס].

carbineer' *n.* (קאר-בי-ניער') א קאראבינער, א סאלדאט וועלכער איז בעוואפענט מיט א רייטער=פלינט. ז. *carbine*

car'bo *n.* (קאר'-באו) א נאמען פון געוויסע שווארצע וואסער=פויגלען.

carbohy'drate *n.* (קאר-בא-האי'-דרייט) קארבא=הידראט, א כעמישע פערבינדונג פון-קויהלען=שטאף [6 אטאמען] מיט וואסער [וואסער=שטאף און זויער=שטאף], ווי צוקער, קראכמאל א. ד. ג.

carbohy'drous *a.* (קאר-בא-האי'-דראס) וואס בעלאנגט צו קארבא=הידראט. ז. *carbohydrate*

carbol'ic *a.* (קאר-באל'-איק) פון קארבאל, וואס בעלאנגט צו קארבאל.

carbol'ic ac'id (קאר-באל'-איק עס'-איד) קארבאל=זויערע [א שטאף, וועלכען מען בעקומט פון טער=אויל; ווערט בענוצט צו אנטיסעפטישע צוועקען און אלס גיפט].

car'bolize *v.* (קאר'-באל-איז) דורכווייקען אדער אנזעטיגען מיט קארבאל=זויערע.

car'bon *n.* (קאר'-באן) קויהלען=שטאף [א כעמישער עלעמענט].

carbona'ceous *a.* (קאר-בא-ניי'-שיאס) וואס געהערט צו אדער וואס ענטהאלט קויהלען=שטאף.

Carbona'rism *n.* (קאר-בא-נא'-ריזם) די פרינציפען און די האנדלונגען פון די קארבאנארער. ז. *Carbonaro*

Carbona'ro *n.* (קאר-בא-נא'-ראו) א מיטגליעד פון אן אמאליגער געהיימער געזעלשאפט אין נעאפאל איטאליען [געגרינדעט אין יאהר 1808 מיט דעם צוועק איינצופיהרען א רעפובליק אין נעאפאל].

car'bonate *n. and v.* (קאר'-בא-נייט) קארבאנאט, קויהלען=זויערע זאלץ [א כעמישע פערבינדונג פון קויהלען=זויערע מיט קאלציום, קופער אדער אנדער מעטאל]; אנזעטיגען, דורכווייקען מיט קויהלען=זויערע.

carbona'ted *a.* (קאר-בא-ניי'-טעד) וואס ענטהאלט קויהלען=זויערע.

car'bonate of so'da (קאר'-בא-נייט אוו סאו'-דא) סאדע.

carbona'tion *n.* (קאר-בא-ניי'-שאן) דאס מאכען א כעמישע פערבינדונג מיט קויהלען=זויערע.

car'bon di'oxid (קאר'-באן דאי'-אקס-איד) קויהלען=זויערע. ז. *carbonic acid*

carbon'ic *a.* (קאר-באנ'-איק) וואס בעלאנגט צו קויהלען=שטאף, וואס קומט פון קויהלען=שטאף.

carbon'ic ac'id (קאר-באנ'-איק עס'-איד) קויהלען=זויערע [א גאז וואס בעשטעהט פון 12 טיילען קויהלען=שטאף און 32 טיילען זויער=שטאף, געפינט זיך אין די אויסגעאטעמטע לופט פון מענשען און חיות].

carbon'ic ox'id (קאר-באנ'-איק אקס'-איד) קויהלען=זויער=שטאף.

carbonif'erous *a.* (קאר-באנ-איפ'-ער-אס) וואס ענטהאלט אדער גיט ארוים קויהלען אדער קויהלען=שטאף.

carbonif'erous age (קאר-בא-ניפ'-ע-ראס איידזש) די צייט=אלטער פון דער ערד ווען עס האט זיך אין איהר אנגעפאנגען בילדען שטיין=קויהלען [אין געאלאגיע].

carbonif'erous forma'tion (קאר-בא-ניפ'-ע-ראס פאר-מיי'-שאן) די קויהלען=בילדונג; די פעריאדע פון דער ערד ווען עס האבען זיך אין איהר אנגעפאנגען בילדען שטיין=קויהלען.

carbonif'erous pe'riod (קאר-בא-ניפ'-ע-ראס פי'-רי-אד) ז. *carboniferous age*

car'bonise *v.* (קאר'-בא-נאיז) פערקויהלען; פערוואנדלען אין קויהלען אדער קויהלען=שטאף, בעדעקען, בעשטרייכען מיט קויהל.

carboniza'tion *n.* (קאר-בא-ני-זיי'-שאן) פערקויהלונג; דאס פערוואנדלען אין קויהל.

car'bonize *v.* (קאר'-בא-נאיז) פערקויהלען; פערוואנדלען אין קויהלען אדער קויהלען=שטאף; בעדעקען, בעשטרייכען מיט קויהל.

car'bon-points *n.* (קאר'-באנ'-פאינטס) די צוויי קויהלען=שטעקלעך פון אן עלעקטרישער בויגען=לאמפע.

car'boy *n.* (קאר'-באי) א גרויסע רונדע גלעזערנע פלאש, וועלכע איז איינגעפאסט אין א קערבעל אדער קעסטעל.

Carboy

car'-brake *n.* (קאר'-ברייק) א ברעמזע [טארמאז אבצוהאלטען די בעוועגונג פון די רעדער פון א באהן=וואגאן.

car'-bum'per *n.* (קאר'-באמ'-פער) א בופער פון א וואגאן. ז. *buffer*

car'buncle *n.* (קאר'-באנקל) א קארבונקעל, א בלאטער; א בייזער געשוויר; קארפונקעל [א טייערער שטיין].

car'buncled *a.* (קאר'-באנקלד) בעפוצט מיט קארפונקעל=שטיינער; פול מיט בלאטערען, מיט בייזע געשווירען.

carbun'cular *a.* (קאר-באנ'-קיו-לער) וואס איז עהנליך צו א קארבונקעל, א בייזע געשוויר; רויט, ענטצינדעט.

carbuncula'tion *n.* (קאר-באנ-קיו-ליי'-שאן) דאס פערדארבען ווערען פון יונגע צווייגלעך און יונגע פלאנצען פון היץ אדער קעלט.

car'buret *v. and n.* (קאר'-ביו-רעט) פערבינדען מיט קויהלען=שטאף; א קויהלען=שטאף פערבינדונג.

car'bureted *a.* (קאר'-ביו-רעט-עד) מיט קויהלען=שטאף פערבונדען.

car'bureter *n.* (קאר'-ביו-רעט-ער) אן אפאראט צוצומישען קויהלען=וואסער=שטאף צו ניט לייכטענדע גאזען, זיי צו מאכען לייכטענד.

car'buretor *n.* (קאר'-ביו-רעט-אר) ז. *carbureter*

car'buretted *a.* (קאר'-בי-רעט-עד) ז. *carbureted*

car'buretted hy'drogen (קאר'-ביו-רעט-עד האי'-דרא דזשען) קויהלען=וואסער=שטאף [א פערבינדונג פון קויהלען=שטאף מיט וואסער=שטאף].

car'buretter *n.* (קאר'-ביו-רעט-ער) ז. *carbureter*

car'burettor *n.* (קאר'-ביו-רעט-אר) ז. *carbureter*

carburisa'tion *n.* (קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) ז. *carburization*

car'burise *v.* (קאר'-ביו-ראיז) ז. *carburize*

carburiza'tion *n.* (קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) דאס פערבינדען מיט קויהלען=שטאף, בעזאנדערס דאס פערגרעסערען דעם קויהלען=שטאף=אינהאלט פון אייזען.

car'burize *v.* (קאר'-ביו-ראיז) פערבינדען מיט קויהלען=שטאף; צומישען קויהלען=וואסער=שטאף צו א ניט לייכטענדען גאז איהם לייכטענד צו מאכען.

car'cajou *n.* (קאר'-קע-דזשו) דער פיעל=פרעסער [אזא חיה].

car'canet *n.* (קאר'-קע-נעט) א האלז=באנד בעזעצט מיט גאלד אדער דימאנטען.

car'case *n.* (קאר'-קעס) ז. *carcass*

car'cass *n.* (קאר'-קעס) א נבלה; דער קערפער פון א גרויסער חיה אדער בהמה; א סקעלעט אדער ראהם פון א הויז אדער שיף; א חורבה, די רעשטען פון א חרוב'ען הויז אדער חרוב'ער שיף; א באמבע.

car'cass of a ship (קאר'-קעס אוו ע שיפ) דער סקעלעט אדער ראהם פון א שיף.

car'cer *n.* (קאר'-סער) א געפענגעניס, א קארצער, א טורמע.

carcino'ma *n.* (קאר-סי-נאו'-מא) א ראק, א קרעבס [אלס קראנקהייט].

carcinom'atous *a.* (קאר-סי-נאמ'-ע-טאס) וואס איז שייך צו א ראק, א קרעבס [אלס קראנקהייט]; עהנליך צו א ראק; גענייגט צו ווערען קראנק אויף א ראק.

car'cinous *a.* (קאר'-סי-נאס) ז. *carcinomatous*

car'cinus *n.* (קאר'-סי-נאס) א ראק, א קרעבס.

card *n. and v.* (קארד) א קארטע; א קארט [צום שפיעלען]; א בארשט [פון דראט] צו בערשטען וואל אדער פלאקס; בערשטען וואל אדער פלאקס מיט א בארשט.

car'damom *n.* (קאר'-דע-מאם) קארדאמאם [אן אסט=אינדישע פלאנצע וואס איהרע קערנער ווערען געברויכט אלס געווירץ].

card'-bas'ket *n.* (קארד'-בעס'-קעט) א פערציערט קערבעלע צו האלטען וויזיט=קארטען.

card'board *n.* (קארד'-באורד) קארדאן=פאפיער, פאפ.

card'-case *n.* (קארד'-קייס) א קעסטעלע אדער שיידעל פאר וויזיט=קארטען צו האלטען אין קעשענע.

car'der *n.* (קאר'-דער) א וואל אדער פלאקס בערשטער; אן אויפזעהער איבער די בערשטער אבטיילונג אין א וועבעריי=פאבריק; אזא מין ביען.

car'dia *n.* (קאר'-די-ע) דאס הארץ; דער אויבערשטער טייל פון מאגען וואו עס קומט אריין דער שפייז=ראהר [וישט, שלונד].

car'diac *a. and n.* (קאר'-די-עק) .1 וואס געהערט צום הארצען; וואס שטארקט דאס הארץ; .2 וואס שטארקט דעם מוט; .3 וואס איז שייך צו דעם אויבערשטען טייל פון מאגען; .4 א מע־דיצין וואס שטארקט דעם מאגען.
1. The patient is suffering from a cardiac affection.

cardi'acal *a.* (קאר-דאי'-עק-על) וואס געהערט צום הארצען; וואס שטארקט דאס הארץ; וואס שטארקט דעם מוט; וואס איז שייך צו דעם אויבערשטען טייל פון מאגען.

car'diac or'ifice (קאר'-די-עק אר'-אי-פיס) די אויבערשטע עפענונג פון מא־גען וואו דער שפייז־ראהר קומט אריין.

cardial'gia *n.* (קאר-די-על'-דזשי-ע) הארץ־ברענען; מאגען־ברענען.

cardial'gic *a.* (קאר-די-על'-דזשיק) וואס איז שייך צו הארץ־ברענען אדער מאגען־ברענען.

cardial'gy *n.* (קאר-די על'-דזשי) ז. *cardialgia*

car'dinal *n. and a.* (קאר'-די-נעל) .1 קארדינאל [איינער פון די הויכע קאטוילישע גייסטליכע, פון וועלכע עס ווערט געוועהלט א פאפסט]; א מין קור־צער מאנטעל; .2 אזא זעהר רויטע פארב; .3 פונדאמענטאל; הויפטזעכ־ליך; פון בעזאנדערער וויכטיגקייט.
3. A student should first master the cardinal principles of the subject he is studying.

car'dinalate *n.* (קאר'-די-נעל-אייט) דאס אמט, ראנג, ווירדע פון א קארדי־נאל.

car'dinal-bird *n.* (קאר'-די נעל-בוירד) אזא אמעריקאנער פויגעל פון רוי־טען קאליר מיט א טשובריק אויף'ן קאפ.

Cardinal-bird

car'dinal-flow'er (קאר'-די-נעל-פלאו'-ער) אזא נארד אמעריקאנישע פלאנצע וואס האט גרויסע רויטע בלומען.

car'dinal gros'beak (קאר'-די-נעל גראוס'-ביעק) אזא רויטער פויגעל מיט א טשובריק אויף'ן קאפ. ז. *cardinal-bird*

Cardina'lis *n.* (קאר-די-ניי'-ליס) אזא מין רויטע פויגלען מיט קורצע פליגלען און לאנגע עקען [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].
ז. איל. *"Birds of the U. S."*

car'dinal num'ber (קאר'-די-נעל נאמ'-בער) א קארדינאל־צאהל [ווי די צאהלען: איינס, צוויי, דריי א. ז. וו. צום אונטערשייד פון די ארדנונגס־צאהלען: ערשטער, צווייטער, דריטער א. ז. וו.].

car'dinal points (קאר'-די-נעל פאינטס) די פיער הימעלס־געגענדען [מזרח, מערב, צפון און דרום].

car'dinalship *n.* (קאר'-די-נעל-שיפ) ז. *cardinalate*

car'dinal signs (קאר'-די-נעל סאינז) פיער געוויסע וואנדער־שטערען [אין אסטראנאמיע].

car'dinal straw'berry (קאר'-די-נעל סטראה'-בער-אי) א מין גרויסע אמערי־קאנער ערד־בערען [פאזומקעס].
ז. איל. *"Cultivated fruits"*

car'dinal vir'tues (קאר'-די-נעל וואיר'-טשוז) די פונדאמענטאלע מדות פון א גוטען כאראקטער, בעזאנדערס אין דער אלטער פילאזאפיע די פיער מדות: גערעכטיגקייט, שכל, מוטה און געדולד.

car'dinal winds (קאר'-די-נעל הווינדז) די פיער הויפט־ווינדען [ווי מזרח־ווינד, מערב־ווינד, דרום־ווינד און צפון־ווינד].

car'ding *n.* (קאר'-דינג) דאס בערשטען וואל, פלאקס אדער בוימוואל; א ראלע וואל אדער בוימוואל, וועלכע עס געהט ארויס פון דער בארשט־מאשין; דאס שפיעלען אין קארטען.

car'ding-machine' *n.* (קאר'-דינג-מע-שין') א מאשין צו בערשטען וואל אדער פלאקס.

car'diograph *n.* (קאר'-די-א-גרעף) קארדיאגראף, אן אפאראט צו פערצייכע־נען די צאהל בעוועגונגען פון הארץ.

cardiog'raphy *n.* (קאר-די-אג'-רע-פי) אן אנאטאמישע בעשרייבונג פון דעם הארץ; די אונטערזוכונג פון דעם הארץ דורך א קארדיאגראף. ז. *cardiograph*

cardiol'ogy *n.* (קאר-די-אל'-א דזשי) די וויסענשאפט פון דער אנאטאמיע פון דאס הארץ.

cardi'tis *n.* (קאר-דאי'-טיס) הארץ־ענטצינדונג.

card'-ma'ker *n.* (קארד'-מיי'-קער) איינער וואס מאכט קארטען; איינער וואס מאכט בערשט צו בערשטען וואל אדער פלאקס.

card'-match *n.* (קארד'-מעטש) א שפיעל־פארטיי [אין קארטען]; אזא זארט שוועבעלער.

cardoon' *n.* (קאר-דון') אזא גרינס וועלכע ווערט גענעסען אין פראנקרייך און שפאניען.

card'-par'ty *n.* (קארד'-פאר'-טי) א קארטען־שפיעל־געזעלשאפט

card'-rack *n.* (קארד'-רעק) א קארטען־האלטער [א רעהמעל אדער קעסטעל צו האלטען וויזיט־קארטען].
He filled the card-rack with cards taken from a box on the table.

card'-recor'der *n.* (קארד'-רי-קאר'-דער) א זייגער וואס איז פערבונדען מיט א מעכאניזם, וועלכער פערצייכענט אויף א קארטע די צייט וואס ווערט פערברויכט אויף וועלכער עס איז ארבייט.

cards *n.* (קארדז) קארטען; קארטען־שפיעל.

card'-shar'per *n.* (קארד'-שאר'-פער) א פראפעסיאנעלער קארטען־שפיעלער, א קארטען־שווינדלער, א שולער.

card'-shar'ping *n.* (קארד'-שאר'-פינג) קארטען־שווינדלעריי, שולעריי.

card'-sys'tem *n.* (קארד'-סיס'-טעם) די קארטען־סיסטעם, די סיסטעם פון מאכען נאטיצען, פראטאקאלירען אדער רעגיסטרי־רען יעדען פונקט אדער פאסטען אויף א בעזונדערער קארטע.

Car'duus *n.* (קאר'-דיו-אס) אזא מין שטעכעדיגע פלאנצען.

care *n. and v.* (קעהר) .1 זארג; .2 פארזיכטיגקייט, אכטונג; .3 אכטונג־געבונג, אויפזעהונג, פערוואלטונג; אכ־טונג געבען; זארגען; זיך בעמיהען; זיך קימערען; זיך אין אכט נעהמען.
1. His first care is his dress. 2. She took great care not to let him know of her sorrow. 3. I will take care of the sleeping child.

care about' (קעהר ע-באוט') אכטונג געבען אויף... זארגען פאר...

care a fig (קעהר ע פיג) זיך קימערען ווי איבער א שמעק טאבאק
I do not care a fig for your claims.

care a snap (קעהר ע סנעפ) קימערען ווי די וואנד, אארען ווי דער פאריאהרי־גער שנעע.

care a straw (קעהר ע סטראה) ז. *care a fig*

care'-crazed *a.* (קעהר'-קרייזד) משוגע פון דאגות.

care'-defy'ing (קעהר'-די פאי'-אינג) א מענש אהן דאגות.

careen' *v. and n.* (קע-ריען') .1 זיך איינבויגען אויף זייט [ווי א שיף]; איינבויגען א שיף אויף איין זייט צו מא־כען אין איהר רעפעראטור; .2 דאס ליע־גען פון א שיף אויף איין זייט; דער פלאץ וואו מען לעגט אוועק א שיף אויף איין זייט איהר צו פעררייכטען.
1. The ship careens around one point. 2. It was a ship laid on the careen.

caree'nage *n.* (קע-ריע'-נעדזש) די קאסטען פאר דאס פעררייכטען פון א שיף; דער פלאץ וואו מען פעררייכט א שיף.

caree'ning *n.* (קע-ריע'-נינג) דאס איינבויגען זיך אויף איין זייט; דאס איינבויגען א שיף אויף איין זייט צו מא־כען אין איהר רעפעראטור.

career' *n. and v.* (קע-ריער') .1 דער פלאץ, וואו עס ווערט געהאלטען דאס וועט־לויפען פון פערד; דער וועג; דאס לויפען גאלאפ; .2 די קאריערע, לעבענס־וועג, לעבענס־בעשעפטיגונג; .3 שנעל לויפען.
2 He decided to make teaching his career.

care for (קעהר פאר) אכטונג געבען אויף, זארגען פאר.
The child was well cared for.

care'ful *a.* (קעהר'-פול) פארזיכטיג.

care'fully *adv.* (קעהר'-פול-אי) מיט פארזיכט, מיט אויפמערקזאמקייט.

care'fulness *n.* (קעהר'-פול-נעס) פאר־זיכטיגקייט.

care'ful of (קעהר'-פול אוו) בעזארגט וועגען; אויפמערקזאם צו העלפען אדער שטיצען.

care'less *a.* (קעהר'-לעס) נאכלעסיג, אבגעלאזען; אהן דאגות, מונטער.

care'less about' (קעהר'-לעס ע-באוט') אונפארזיכטיג, ניט איבערלעגענט.
Do not be careless about your spelling.

care'lessly *adv.* (קעהר'-לעס-לי) מיט אונפארזיכטיגקייט, מיט נאכלעסיגקייט.

care'lessness *n.* (קעהר'-לעס-נעס) אונפארזיכטיגקייט, נאכלעסיגקייט, אונ־אויפמערקזאמקייט.

care'less of (קעהר'-לעס אוו) ז. *careless about*

care'-lined *a.* (קעהר'-לאינד) גע־קנייטשט פון דאגות [וועגען גזיכט].

caress' *n. and v.* (קע-רעס') אויסדרוק פון ליעבע דורך לאשטשען; אומארמען; לאשטשען.

caress'ing *a.* (קע רעס' אינג) אומאר־מענד, לאשטשענד.

caress'ingly *adv.* (קע-רעס'-אינג-לי) אומארעמענדיג, לאשטשענדיג.

ca'ret *n.* (קיי'-רעט) איינשאלטונגס=צייכען [דער צייכען ∧, וועלכער ווערט בענוצט אין שרייבען אדער אין אויסבעסערען דרוק=זאכען, אום אנצוצייגען, אז אויף דעם פלאץ דארף אריינגעשטעלט ווערען א ווארט, א שורה, א זאץ א. ז. וו.].

care'taker *n.* (קעהר'-טיי-קער) אן אויפפאסער; אן אויפפאסער אויף א הויז.

care'-tuned *a.* (קעהר'-טיונד) פעראומערט, אראב פון מוט צוליעב זארג.

care'-worn *a.* (קעהר'-הוואורן) אלט פון דאגות; פעראומערט און פערזארגט.
He was weary and care-worn.

Ca'rex *n.* (קיי'-רעקס) אזא מין פלאנצען עהנליך צו גראז קוסטעס וואס וואקסען אין פייכטע ערטער.

car'go *n.* (קאר'-גאו) די לאדונג פון א שיף.

car'iboo *n.* (קער'-אי-בוה) דער אמעריקאנער הירש [געפינט זיך אין די נארדליכע טיילען פון לאנד].

car'ibou *n.* (קער'-אי-בוה) ז. *cariboo*

Car'ica *n.* (קער'-אי-קע) א מין פלאנצען אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא.

car'icature *n. and v.* (קער'-אי-קע-טשור) א קאריקאטור, א לעכערליכע פארשטעלונג, א לעכערליך בילד; פארשטעלען אין א לעכערליכער ארט; מאכען א קאריקאטורע.

car'icaturist *n.* (קער' אי-קע-טשור-איסט) א קאריקאטוריסט, איינער וואס שטעלט עפעס פאר אין לעכערליכע בילדער; א קאריקאטורען=צייכנער.

car'icous *a.* (קער'-אי-קאס) וואס איז שייך צו א פייג; עהנליך צו א פייג.

car'icous tu'mor (קער'-אי-קאס טיו'-מאר) אזא צוּוואוקס [גוז], געשוואולסט אויף'ן קערפער, וואס איז עהנליך צו א פייג.

ca'ries *n.* (קיי'-רי-איז) א קאריוס [אזא קראנקהייט פון די צייהנער, וואס קומט פון פוילען פון דעם דענטין (דער שטאף פון וואס די צייהנער בעשטעהען)].

car'illon *n.* (קער'-אי-לאן) דאס גלאקען=שפיעל [א רייהע פון פערשיעדענע גלעקלעך אויף וועלכע מען שפיעלט אוים מעלאדיען]; דאס קלינגען שנעל מיט עטליכע גרויסע גלאקען אויף אמאל.

cari'na *n.* (קע-ראי'-נע) דאס בלומען=שיפעלע [א טייל פון א געוויסע בלום וואס האט די עהנליכקייט צו א שיפעל].

car'inate *a.* (קער'-אי-נייט) וואס האט די פארם ווי דער גרונד באלקען [קיעל] פון א שיף [בעזאנדערס ביי פלאנצען].

car'iole *n.* (קער'-אי-אול) א מין קליינע אפענע קארעטע.

carios'ity *n.* (קיי-רי-אס'-אי-טי) דאס ליידען פון א קאריוס [ביי צייהנער]; דאס פוילען פון א ביין. ז. *caries*

ca'rious *a.* (קיי'-רי-אס) וואס איז אנגעגריפען פון א קאריוס [ביי א צאהן]; זייענדיג צופרעסען [ווי אויסגעראסטע אייזען].

ca'riousness *n.* (קיי'-רי-אס נעס) ז. *cariosity*

cark *n. and v.* (קארק) א משא, א לאסט, א פעקעל דאגות אדער צרות; בעלאדען, בעלאסטען; בעלאסטען מיט דאגות.

car'king *a.* (קאר'-קינג) וואס מאכט דאגות; בעאונרוהיגענדיג, ערגערענדיג.

carl *n.* (קארל) א פויער, א גראבער יונג.

carl'-hemp *n.* (קארל'-העמפ) די ווייבליכע האנף=פלאנצע וואס טראגט די זוימען.

car'lin *n.* (קאר'-לין) אן אלטע פרוי; אן אלטע מכשפה [אלס זידעל=ווארט פאר א פרוי].

Carli'na *n.* (קאר-לאי'-נע) א מין דארן=פלאנצען.

car'line *n.* (קאר'-לין) אן אלטע פרוי; אן אלטע מכשפה [אלס זידעל=ווארט פאר א פרוי]; אזא דארן=פלאנצע.

car'line this'tle (קאר'-לין טהיסל) ז. *Carlina*

carli'no *n.* (קאר-לי'-נאו) אזא אלטע איטאליענישע זילבערנע מטבע, וואס האט געהאט דעם ווערטה פון אן ערך 16 אמעריקאנער סענט; א סארדיניער אלטע גאלד=מטבע, וואס האט געהאט דעם ווערטה פון אן ערך 28 אמעריקאנער דאלאר.

Car'lism *n.* (קאר'-ליזם) די בעוועגונג וואס האט געוואלט מאכען דאן קארלאס פאר א קעניג אין שפאניען [אין דער ערשטער העלפט פון 19=טען יאהרהונדערט].

Car'list *n.* (קאר'-ליסט) אן אנהענגער פון דאן קארלאס, וואס האט געוואלט ווערען דער קעניג פון שפאניען [אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט].

car'-load *n.* (קאר'-לאוד) די משא וואס א פראכט=וואגאן קען פיהרען [אן ערך 30 טויזענד פונט].

car'lock *n.* (קאר' לאק) פיש=קליי [א קליי וואס ווערט געמאכט פון די פענכערם פון פיש].

Carlovin'gian *n. and a.* (קאר-לא-ווינ'-דזשי-ען) וואס איז נוגע צו דעם אמאליגען פראנצויזישען קעניג שארלמאן [אין 8טען יאהרהונדערט]; א פרינץ אדער קעניג וואס שטאמט פון דער פאמיליע שארלמאן.

Carly'lean *a.* (קאר-לאי' לי-ען) ז. *Carlylian*

Carly'lian *a.* (קאר-לאי'-לי-ען) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו די געדאנקען, מיינונגען אדער סטיל פון דעם בעריהמטען שאטלענדישען שריפטשטעלער טהאמאס קארלאיל [געבארען 1795, געשטארבען 1881].

Carmagnole' *n.* (קאר-מא-ניאל') אזא טאנץ און ליעד פון דער צייט פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין יאהר 1789.

car'man *n.* (קאר'-מען) א פוהרמאן; א קאנדוקטאר.

car'man peach (קער'-מען פיעטש) אזא זארט פערסיקעס.
ז. איל. *"Cultivated fruits"*

Car'melite *n. and a.* (קאר'-מע-לאיט) א מאנאך פון דעם קריסטליכען הייליגען פעראיין כרמל אין סיריען; וואס געהערט צו דעם פעראיין פון די מאנאכען פון כרמל.

car'melite *n.* (קאר'-מעל-איט) אזא זארט בארנעס [בארן]; אזא וואלען=שטאף.

car'mine *n.* (קאר'-מין) קארמין [אזא טייערע רויטע פארב].
ז. איל. *"Colors"*

carmin'ic *a.* (קאר-מינ'-איק) וואס איז רויט ווי קארמין; וואס ווערט געמאכט פון קארמין.

carn *n.* (קארן) א הויפען שטיינער אלס א צייכען [גל עד].

car'nage *n.* (קאר'-נעדזש) בלוט=באד; ברוטאלע שלאכט; פאגראם.

car'nal *a.* (קאר'-נעל) 1. בלוטיג; פלייש=גיעריג; 2. פליישליך; תאוה'דיג; מגושם'דיג.
2. He is sunk in carnal pleasure.

car'nalism *n.* (קאר'-נעל-איזם) פלייש=לוסט; תאוה.

car'nalist *n.* (קאר'-נעל-איסט) א בעל תאוה.

car'nalite *n.* (קאר'-נעל-איט) אזא מילך=ווייסער אדער רויטליכער מינעראל.

carnal'ity *n.* (קאר-נעל'-אי-טי) פלייש=לוסט, תאוה. ז. *carnalism*

car'nalize *v.* (קאר'-נעל איז) מאכען תאוה'דיג, זיך ארא‌בלאזען צו תאוות.

car'nally *adv.* (קאר'-נעל-אי) ז. *carnal*

car'nal-min'ded *a.* (קאר'-נעל-מאינ'-דעד) וואס איז א בעל תאוה, וואס איז אבגעגעבען צו מגושם'דיגע תאוות.

car'nal-min'dedness *n.* (קאר'-נעל-מאינ'-דעד-נעס) פלייש=לוסט, תאוה.

car'nalness *n.* (קאר'-נעל-נעס) ז. *carnalism*

carna'tion *n.* (קאר-ניי'-שאן) פלייש=קאליר; דאס מאהלען אויף א בילד נאקעטע טיילען פון א מענשליכען קערפער: די גארטען=נעלקע [אזא בלום וואס האט א פלייש=קאליר].

Carnation

carna'tioned *a.* (קאר-ניי'-שאנד) וואס האט א פלייש=קאליר.

carne'lian *n.* (קאר-ני'-ליען) אזא טייערער שטיין, וואס האט א פלייש=קאליר.

car'neous *a.* (קאר'-ני אס) פליישיג, וואס האט די אייגענשאפטען פון פלייש; וואס האט א פלייש=קאליר.

car'neous fi'bres (קאר'-ני-אס פאיברז) פלייש=פאזערען, מוסקול=פאזערען [די פלייש=פערימלעך פון וועלכע די מוסקולען בעשטעהן].

car'ney *n. and v.* (קאר'-ני) אזא מויל=קראנקהייט ביי פערד; חניפה; זיך אונטער'חנפ'ענען.

carnifica'tion *n.* (קאר-ני-פי-קיי'-שאן) דאס פערפליישען, דאס פערוואקסען מיט פלייש.

car'nify *v.* (קאר'-ני-פאי) פערפליישען, פערוואקסען מיט פלייש; דיק ווערען.

car'nival *n.* (קאר'-ני-וועל) קארנעוואל [א קאטוילישער יום טוב וועלכער ווערט געפייערט אין די קאטוילישע לענדער דורך מאסקען און פראצעסיאנען פאר זייער פאסט=צייט]; א פאלקס=יום טוב אין וועלכען עס בעטייליגען זיך גרויסע מאסען מענשען [מייסטענס אין מאסקען].

Carniv'ora *n.* (קאר-ניוו'-א-רא) דער מין חיות וועלכע געהערען צו דער גרופע פון פלייש=עסער [ווי בערען, וועלף, הינט א. ז. וו.].

carniv'ora *n.* (קאר-ניוו'-א-רא) חיות וואס נעהרען זיך מיט פלייש.

carnivorac'ity *n.* (קאר-ני-ווא-רעס'-אי-טי) דער אפעטיט אדער די לוסט צו פלייש.

carniv'oral *a.* (קאר-ניוו'-א-רעל) וואס איז שייך צו די חיות וועלכע נעהרען זיך מיט פלייש.

car'nivore *n.* (קאר'-ני-וואור) א פלייש־עסענדע חיה.

carniv'orous *a.* (קאר-ניוו'-א-ראס) וואס עסען אדער שפייזען זיך מיט פלייש [וועגען חיות].

carniv'orously *adv.* (קאר-ניוו'-א-ראס-לי) שפייזענדיג זיך מיט פלייש.

carniv'orousness *n.* (קאר-ניוו'-א-ראס-נעס) דאס שפייזען זיך מיט פלייש.

car'nose *a.* (קאר'-נאוס) פליישיג, וואס איז שייך צו פלייש.

carnos'ity *n.* (קאר-נאס'-אי-טי) א פלייש־געוויקס [א גוז].

car'nous *a.* (קאר'-נאס) פליישיג; וואס איז שייך צו פלייש.

car'ny *n. and v.* (קאר'-ני) חניפה; חנפ'ענען.

car'ob *n.* (קער'-אב) יאהאניס־ברויט־בוים [אזא בוימעל, אויף וועלכען עס וואקסט א זארט בעבלעך]; די פרוכט פון יאהאניס־ברויט־בוים.

car'ob-bean *n.* (קער'-אב-ביען) יאהאניס־ברויט [די בעבלעך פון דעם יאהאניס־ברויט־בוימעל].

car'ob-tree *n.* (קער'-אב-טריע) ז. *carob*

car'ol *n. and v.* (קער'-אל) א פרעהליכעס ליעד; א לויבגעזאנג; זינגען; פרעהליך זינגען; לויבען מיט געזאנג.

car'olin *n.* (קאר'-א-לין) אן אלטע דייטשע גאלדענע מטבע; א שוועדישע גאלדענע מטבע, וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 2 אמעריקאנער דאלאר.

caroli'na all'spice (קער-או-לאי'-נע אהל'-ספאיס) די זים־פלאנצע [א געוויסע וועסט־אינדישע פלאנצע].

Carolina Allspice

coalesce' *v.* (קאו-ע-לעס') זיך פעראייניגען; צונויפוואקסען; זיך פעראייניגען אין איין פארטיי.

Two political parties sometimes **coalesce** and the new organization is unlike either of the original ones.

coales'cence *n.* (קאו-ע-לעס'-ענס) פעראייניגונג; צונויפוואקסונג, צונויפשמעלצונג.

coales'cency *n.* (קאו-ע-לעס'-ענ-סי) די נייגונג זיך צו פעראייניגען, צונויפוואקסען אדער זיך צונויפצושמעלצען.

coales'cent *a.* (קאו-ע-לעס'-ענט) צונויפוואקסענדיג; פעראייניגענדיג זיך; צונויפשמעלצענדיג זיך.

coal'-exchange' *n.* (קאול'-עקס-טשיינדזש') א קויהלען=בערזע [א פּלאַץ וואו עס ווערט פערקויפט קויהלען אין גרויסע מאסען].

coal'-field *n.* (קאול'-פיעלד) א שטיין=קויהלען=פעלד [א באדען, אונטער וועלכען עס געפינען זיך שטיין=קויהלען].

coal'-fire *n.* (קאול'-פאיר) א פייער פון שטיין=קויהלען.

coal'fish *n.* (קאול'-פיש) דער שווארצער מערלאן [אזא שווארצער פיש].

coal'-forma'tion *n.* (קאול'-פאר-מיי'-שאן) שטיין=קויהלען פארמאציאן [דער משך ווען עס האבען זיך אבגעלעגט שיכטען פון שטיין=קויהלען אין דער אינערע פון דער ערד].

coal'-gas *n.* (קאול'-געס) קויהלען=גאז [דער גאז וואס ענטשטעהט פון ברענען קויהלען]; לייכט=גאז.

coal'-hea'ver *n.* (קאול'-היע'-ווער) א קויהלען=טרעגער.

coal'-hod *n.* (קאול'-האד) א שויפעל צו שיטען קויהלען אין אויוועז.

coal'-hole *n.* (קאול'-האול) דאס לאך אין טראטואר ביי א הויז דורך וועלכען עס ווערט אריינגעשאטען קויהלען אין קעלער.

coal'-hulk *n.* (קאול'-האלק) א שיף וואס שטעלט צו קויהלען פאר דאמפף=שיפען, וועלכע געפינען זיך אין אויסלענדישע האפענס.

co'alite *v. and a.* (קאו'-ע-לאיט) פעראייניגען; צוזאמענגעגאסען, פעראייניגט.

coali'tion *n.* (קאו-ע-ליש'-אן) א קאאליציאן, א פערבאנד, פעראייניגונג.

For the time being all opposed to the President were in a **coalition**.

coali'tionist *n.* (קאו-ע-ליש'-אנ-איסט) דער אנהענגער פון א קאאליציאן; א מיטגליעד פון א פעראייניגונג.

co-ally' *n.* (קאו-ע-לאי') דער מיט=חבר אין א קאאליציאן אדער פערבינדונג.

coal'-man *n.* (קאול'-מען) א קוילען=הענדלער; איינער וואס טראגט פאנאנדער קויהלען אין די הייזער.

coal'-meas'ures *n.* (קאול'-מעזש'-אורז) די ערד=שיכטען, אין וועלכע עס געפינען זיך אדערען פון שטיין=קויהלען.

coal'-mer'chant *n.* (קאול'-מויר'-טשענט) א קויהלען=הענדלער.

coal'-me'ter *n.* (קאול'-מי'-טער) א קויהלען=מעסטער.

coal'-mine *n.* (קאול'-מאין) קויהלען=גרוב, קויהלען=מינע.

coal'-mi'ner *n.* (קאול'-מאי'-נער) דער שטיין=קויהלען=גרעבער.

coal'-mi'ning *a.* (קאול'-מאי'-נינג) וואס איז שייך צום גראבען שטיין=קויהלען.

coal'-mouse *n.* (קאול'-מאוס) די קויהל=מויז [אזא מויז מיט א שווארץ קעפעל און העלזעל].

coal'-oil *n.* (קאול'-אויל) פעטראלעאום, ערד=אויל.

coal'-pit *n.* (קאול'-פּיט) א קויהלען=גרוב.

coal'-pock'et *n.* (קאול'-פאק'-עט) א געביידע צו האלטען קויהלען.

coal'-scut'tle *n.* (קאול'-סקאטל) אן אייזערנער עמער צו האלטען קויהלען.

coal'-ship *n.* (קאול'-שיפּ) א שיף צו טראנספארטירען קויהלען.

coal'-slack *n.* (קאול'-סלעק) דער שטויב פון שטיין=קויהלען.

coal'-slate *n.* (קאול'-סלייט) שווארצע גריפעל=שטיין.

coal'-stove *n.* (קאול'-סטאוו) אן אויוועז וועלכער ווערט געהייצט מיט שטיין=קויהלען; אן אויוועז אין וועלכען עס ווערען געברענט אנטראציט=קויהלען.

coal'-tar *n.* (קאול'-טאר) קויהלען=סמאָלע; קויהלען=פעך, קויהלען=טער.

coal'-tit *n.* (קאול'-טיט) ז. *coal-mouse*.

coal tongs (קאול טאנגז) א פייער=צוואנג [אזא צוואנג אנצונעהמען הייסע קויהלען].

Coal Tongs

coal'-wharf *n.* (קאול'-הווארף) דער פלאץ וואו מען לאדעט אויס קויהלען פון די שיפען.

coal'-works *n.* (קאול'-הוואירקס) דער פלאץ וואו מען גראבט שטיין=קויהלען.

coa'ly *a.* (קאו'-לי) וואס ענטהאלט קויהלען; פול מיט קויהלען.

coal'-yard *n.* (קאול'-יארד) דער קויהלען=לאגער [דער הויף וואו עס ליעגען שטיין=קויהלען].

coa'ming *n.* (קאו'-מינג) א שורה פון אויפגעשטעלטע שטיינער ארום א ברונען אדער גרוב.

coap'tate *v.* (קא-עפּ'-טייט) צוזאמענפאסען, ווי צ. ב. די טיילען פון א צובראכענעם ביין א. ד. ג.

coapta'tion *n.* (קאו-עפּ-טיי'-שאן) דאס צופאסען, בעהעפטען צוויי פונאנדערגעטיילטע זאכען.

co'aptator *n.* (קאו'-עפּ-טיי-טאר) א כירורגישער אפאראט צום צוזאמענפאסען די טיילען פון א צובראכענעם ביין און זיי צוזאמענהאלטען ביז זייער צוזאמענוואקסען.

coarcta'tion *n.* (קאו-ארק-טיי'-שאן) דאס צוזאמענציהען, צונויפפרעסען.

coarse *a.* (קאורס) 1. גראב; ניט עדעל, ניט ארטיג; 2. וואולגאר; אונאנגענעהם.

2. Peasants eat **coarse** food, while those of higher station eat fine things.

coarse'-grained *a.* (קאורס'-גריינד) ניט גלאט געהובעלט; ניט עדעל, וואולגאר.

coarse'ly *adv.* (קאורס'-לי) גראב, געמיין, נידריג.

coarse'ness *n.* (קאורס'-נעס) גראבקייט.

coarticula'tion *n.* (קאו-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) די פערבינדונג פון די געלענקען.

coasses'sor *n.* (קאו-ע-סעס'-אר) דער מיט=בעזיצער, דער שותף אין אייגענטום; א מיט=אבשאצער.

coast *n. and v.* (קאוסט) דער ברעג פון ערד ביים ים; דער גרענעץ פון א לאנד; די געגענדען היגטער'ן גרענעץ; דאס אראבגליטשען זיך אויף א שליטעלע אראב א בארג; פאהרען אויף א שיף אדער רייזען ארום ברעג; האלטען זיך מיט דער שיף נאהענט פון ברעג; גליטשען זיך [ווי אויף א שליטעלע בארג=אראב]; דאס לאזען לויפען א באהן אדער טראמוואי בארג=אראב אהן דאמפף אדער עלעקטרישער קראפט.

coas'ter *n.* (קאוס'-טער) דער וואס פאהרט אויף א שיף נאהענט פון ברעג; די שיף וואס האלט זיך נאהענט פון ברעג.

coast'-guard *n.* (קאוסט'-גארד) פאליציי פון ים=ברעג; די מענשען פון לעבענסרעטונג סטאנציאן; א מיטגליעד פון וואסער=ברעג פאליציי אדער פון לעבענס=רעטונג סטאנציאן.

coas'ting *n.* (קאוס'-טינג) 1. דאס פאהרען אויף א שיף ארום דעם ברעג, פון פארט צו פארט; 2. דאס גליטשען זיך אויף א שליטעלע בארג=אראב.

2. In winter boys enjoy **coasting** down the hills on their sleds.

coas'ting-naviga'tion *n.* (קאוס'-טינג-נעוו-אי-גיי'-שאן) ברעג=נאוויגאציאן [דאס פאהרען פון שיפען ארום די ברעגען פון לאנד].

coas'ting-trade *n.* (קאוס'-טינג-טרייד) דער האנדעל וואס ווערט אנגעפיהרט צווישען פערשיעדענע פארטען אין לאנד, דורך שיפען, וועלכע געהען נאהענט ארום ברעג.

coas'ting-ves'sel *n.* (קאוס'-טינג-וועס'-על) א ברעג=שיף [א קלענערע שיף וואס געהט ניט ארויס אין אפענעם ים, נאר האלט זיך ניט ווייט פון ברעג].

coast'ward *adv.* (קאוסט'-הווארד) צום ברעג צו.

coast'wards *adv.* (קאוסט'-הווארדז) ז. *coastward*.

coast'wise *adv. and a.* (קאוסט'-הוואיז) איבער דער לענג פון ברעג; וואס געהט ביים ברעג.

coat *n. and v.* (קאוט) א אויבער=מאנטעל, א ראק; אמטס=קליידונג; א פרויען=ראק; די נאטירליכע קליידונג פון א חיה, ווי די הויט, האר, וואל א. ד. ג.; בעקלייךען, בעדעקען.

coat'-ar'mor *n.* (קאוט'-אר'-מאר) א וואפען=ראק [א געפלאכטענער אייזערנער

פאַנצער, וועלכען עס פלעגט טראָגען א ריטער].

coatee' *n* (קאָו-טי') א רעקעל, א זשאַ־קעט, א קורצער סאָלדאַטסקער מונדיר.

co'ati *n.* (קאָו'-ע-טי) די נאָז־טהיער [אזא חיה מיט זעהר א לאַנגען נאָז, לעבט אין די וואַרעמע געגענדען פון אמע־ריקא].



Coati

coa'ting *n.* (קאָו'-טינג) בעקליידונג; בעדעקונג; צייג פאַר רעק אדער מאַנטלען.
Pills with sugar coating are easier to swallow than those without.

coat of arms (קאָוט אָוו אַרמז) אַן איבער־מאַנטעל, וועלכען מען פלעגט אין מיטעלאַלטער טראָגען איבער'ן פאַנצער און אויף וועלכען עס פלעגט זיין אויסגע־נעהט דער הערב פון באַראָן [יעדער באַ־ראָן האָט געהאַט זיין הערב]; א וואַפען־שילד.

coat of fence (קאָוט אָוו פענס) א פאַנ־צער.

coat of mail (קאָוט אָוו מייל) א פאַנ־צער־העמד [א געפלאָכטענער אייזערנער פאַנצער פון די פאַרצייטיגע ריטער].

coats of an on'ion (קאָוטס אָוו ען אַנ'-יאָן) ציבעלע־שאָלעכץ.

coats of the eye (קאָוטס אָוו טהי אַי) די אויגען־הייטלעך, אויגען־לעדלעך.

coat'-tail *n.* (קאָוט'-טייל) די פאָלע פון א ראָק.

coax *v.* (קאָוקס) ווירקען אויף איינעם מיט זיסע רייד אדער מיט חניפה: אַנ־פיהרען איינעם מיט טאַקט און איידעל־קייט; לאַשטשען, חנפ'ענען.
We had to coax the child to take the medicine.

coax'er *n.* (קאָוק'-סער) א חונף, א שמייכלער, אַן אונטערלעקער.

coax'ing *n.* (קאָוק'-סינג) חניפה, שמייכ־לעריי, דאָס חנפ'נען.

coax'ingly *adv.* (קאָוק'-סינג-לי) מיט חניפה; דורך שמייכלעריי.

cob *n.* (קאָב) א קיילעכדיגער שטיק, ווי א נוס; דאָסביינדעל פון א פרוכט; א לאַבען ברויט א. ד. ג.; דאָס דיקע קעפעל פון א מאַאיס־פלאַנצע; א שטאַרקער פערד מיט קורצע פיס; א שוואַן [א זכר]; א שפין; א געמיש פון ליים מיט שטרוי, פון וואָס מען מויערט ליים־הייזער; א שפּאַנישער דאָלאַר.

co'balt *n.* (קאָו'-באָלט) דער קאָבאָלט [א מעטאַל מיט א שטאָהל־גרויען קאָליר עהנליך צו ניקעל].

co'balt blue (קאָו'-באָלט בלו) דאָס קאָבאָלט־בלוי [א בלויע פאַרב וואָס ווערט געמאַכט פון קאָבאָלט].

co'balt-glance *n.* (קאָו'-באָלט-גלענס) דער קאָבאָלט־גלאַנץ [א זילבער־ווייסער מעטאַל מיט א רויטליכען אבגלאַנץ].

cobal'tic *a.* (קאָו-באָל'-טיק) וואָס ענט־האַלט אין זיך קאָבאָלט; וואָס איז עהנ־ליך צו קאָבאָלט.

co'baltin *n.* (קאָו'-באָל-טין) ז. *cobalt-glance*.

cob'ble *n. and v.* (קאָבל) א גלאַטער, קיילעכדיגער שטיין, וועלכען מען בענוצט צו ברוקירען גאַסען; א רונד בערנעל; א ביינדעל פון א פרוכט; פערלאַטען [צוריסענע שיך]; מאַכען פאַרטאַטשנע ארבייט.

cob'bler *n.* (קאָב'-לער) א שוסטער; א פאַרטאַטש, א לאַטוטניק; א זיסער און קאַלטער זומער־געטראַנק, וועלכען מען טרינקט דורך א שטרויעלע; א טאָרט גע־באַקען מיט פרוכט.

cob'bler-fish *n.* (קאָב'-לער-פיש) א מין פיש וואָס געפינט זיך אין די וואַרעמע וואַסערן פון נאָרד אמעריקא.

cob'blery *n.* (קאָב'-לער-אי) שוסטעריי.

cob'blestone *n.* (קאָבל'-סטאָון) א גלאַ־טער ברוק־שטיין.

cob'bling *a.* (קאָב'-לינג) שוסטעריש; פאַרטאַטשנע.

cob'cab *n.* (קאָב'-קעב) פרויען שטעק־שיך [אין אָסט־אינדיען].

cob'coals *n.* (קאָב'-קאָולז) גרויסע שטי־קער שטיין־קויהלען.

cob'-horse *n* (קאָב'-האָהרס) א שטאַרקער פערד מיט קורצע פיס.

co'bia *n.* (קאָו'-בי-א) א מין פיש מיט א שפינדעל־פערמיגען אויסזעהן און מיט א ברייטליכען פלאַטשיגען קאָפ.



Cobia

cob'-i'ron *n.* (קאָב'-אי'-ערן) דער פייער־באָק [אַן אייזערנער געשטעל, אויף וועל־כען מען ברענט האָלץ אין א קאַמין].

co-bish'op *n.* (קאָו-ביש'-אָפּ) א מיט־בי־שאָף [ווען צוויי בישאָפען זיינען איבער איין געמיינדע].

cob'le *n.* (קאָבל) א פלאַכע פישער־שי־פעלע.

cob'-loaf *n.* (קאָב'-לאָוף) א גרויסער לאַבען ברויט.

cob'nut *n.* (קאָב'-נאַט) א מין נוס; א קינדער־שפּיעל מיט אַזעלכע ניס.

cob'-pink *n.* (קאָב'-פינק) א מין גרויסע נעלקען־בלום.

co'bra *n.* (קאָו'-ברא) ז. *cobra-de-capello*.

co'bra-de-capel'lo *n.* (קאָו'-ברא-דע-קע פעל'-אָו) די קאָבראַ־שלאַנג [א מין זעהר גיפטיגע שלאַנג מיט א צודעק אויף'ן קעפּעל. לעבט אין הייסע לענדער].



Cobra-de-capello

co'bric *a.* (קאָו'-בריק) וואָס איז שייך צו דער קאָבראַ־שלאַנג.

co'briform *a.* (קאָו'-ברי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון א קאָבראַ־שלאַנג; וואָס איז עהנליך אדער פערוואַנדט צו דער קאָבראַ־שלאַנג.

cob'stone *n.* (קאָב'-סטאָון) ז. *cobblestone*.

co'burg *n.* (קאָו'-בורג) א זאָרט גע־קרעפּטער האַלב־וואָל שטאָף [ווערט גע־מאַכט פון וואָל און באַוועל אדער פון וואָל און זייד].

cob'-wall *n.* (קאָב'-הוואָהל) א ליימענע וואַנד. ז. *cob*.

cob'web *n., a. and v.* (קאָב'-הוועב) שפּין־וועב, פּאַוטינע; א פּאַסטקע, א נעץ; געמאַכט פון שפּין־וועב; עהנליך צו א שפּין־וועב; בעדעקען מיט שפּין־וועב; אבריינעגען פון שפּין־וועב.



Cobweb

cob'webbed *a.* (קאָב'-הוועבד) בעדעקט מיט שפּין־וועב [פּאַוטינע].

cob'webby *a.* (קאָב'-הוועב-אי) אַזוי ווי שפּין־וועב; בעדעקט מיט שפּין־וועב.

cob'web lawn (קאָב'-הוועב לאָהן) א שלייער־טוך.

cob'webs of antiq'uity (קאָב'-הוועבז אָוו ען-טיק'-הווי-טי) פערשטויבטע אַל־טערטום, אַלטע שמות.

cob'webs on the brain (קאָב'-הוועבז אָן טהי ברײן) אייגענע משוגעת'ען.

co'ca *n.* (קאָו'-קא) געטריקענטע בלעט־לעך פון א געוויסע דרום־אמעריקאַנישע פלאַנצע [אין געוויסע פּרטים איז עס עהנ־ליך צו טהעע און ווערט געטרונקען אַלס א הייל־מיטעל]; דיעזע פלאַנצע; אין יאַ־פּאַן — א געוויסע מעססעל צו מעסטען רייז [אַן ערך פינף בושעלס].

co'cain *n.* (קאָו'-קע-אין) קאָקאַאין [אַזאַ כעמישע פליסיגקייט וואָס ווערט בענוצט אַלס בעטויבונגס־מיטעל].

co'caine *n.* (קאָו'-קע-אין) ז. *cocain*.

coccif'erous *a.* (קאָק-סיפ'-ע-ראָס) וואָס טראָגט יאַגדעס.

coccyg'eal *a.* (קאָק-סידזש'-אי-על) וואָס איז נוגע צום אונטערשטען טייל פון רו־קען־ביין [חוט השדרה].

coc'cyx *n.* (קאָק'-סיקס) דער אונטער־שטער טייל פון רוקען־ביין [חוט השדרה], דער צוואַוואוקס, וואָס הויבט אָן אויסביל־דען דעם עק.

co'chin *n.* (קאָו'-טשין) אַזאַ זאָרט גרוי־סע הוהן אדער האָהן מיט טשובעס פעדע־רען אויף די פיס און א קורצען עק.

co'chin-chi'na *n.* (קאָו'-טשין-טשאַי'-נאַ) אַזאַ זאָרט גרויסע הוהן, וועלכע איז אַמאָל געבראַכט געוואָרען פון קאָכין־כינאַ.



Cochin-china

coch'ineal *n.* (קאטש׳-אי-ניעל) די קא־כעניל [א מין פארב וואס ווערט גענומען פון אויסגעטריקנטע קאכעניל־פליגען]; די קאכעניל־פליג.

Cochineal Insect

coch'lea *n.* (קאק׳-לי-ע) איינער פון די אינעווייניגסטע טיילען פון אויער [אין דער פארמע פון א ספיראל־מושעל].

coch'lean *a.* (קאק׳-לי-ען) וואס האט די פארמע פון א שנעק־מושעל; עהנליך צו א ספיראלע [ביי געוויסע אינזעק־טען]; וואס האט די פארמע פון א לע־פעל [ביי געוויסע בלומען־בלעטער].

coch'lear *a. and n.* (קאק׳-לי-ער) וואס איז שייך צום אינערליכען ספיראלען טייל פון אויער; אין דער פארם פון א לעפעל [ביי בלעטער פון פלאנצען]; אזא לעפעל אין די עוואנגעלישע קירכען.

cochlea're *n.* (קאק-לי-איי׳-ריע) א לעפעל מעדיצין.

cochlear'iform *a.* (קאק-לי-ער׳-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א שנעק־מושעל [ביי געוויסע אינזעקטען]; וואס האט דיא פארמע פון א לעפעל [ביי די בלעטער פון געוויסע פלאנצען].

coch'leary *a.* (קאק׳-לי-ע-רי) געדרעהט ווי א ספיראלע אדער ווי א שרויף; עהנליך צו א ספיראלע אדער צו א שרויף.

coch'leate *a.* (קאק׳-לי-אייט) געשלענ־געלט, געדרעהט, ווי א שנעק־מושעל.

coch'leated *a.* (קאק׳-לי-איי-טעד) ז. *cochleate*.

cock *n. and v.* (קאק) א האהן; א זכר פון יעדען מין פויגעל; א פיהרער, א קעמפפער [אין ענגלאנד]; א הילצערנער קראן, א שפונט צו קאנטראלירען דעם שטראם פון א פליסיגקייט; דער האהן פון א ביקס [דאס העמערעל וואס מען דריקט צו ביים אויסשיסען]; דער וויי־זער פון א זון־זייגער; דער וועטער־האהן [א האהן אויסגעמאכט פון א ברעטעל אדער בלעך וועלכער ווערט געשטעלט אויף דעכער, אז ער זאל זיך קענען דרעהען נאך דער ריכטונג פון ווינד]; א קליינע שפיציגע קופע פון היי, שטרוי א. ד. ג.; א קליין שיפעל, א לאדקע; די נאדעל פון א וואג־שאל; אויפהויבען דעם האהן פון א ביקס אדער רעוואלווער ווען מען איז גרייט צו שיסען; געהן מיט אן אויפגע־הויבענעם קאפ, אויסזעהן קוואטסקע; דאס ארויפבויגען די פאלעס [ברעגעס] פון א הוט.

cock'-a-hoop' *a. and adv.* (קאק׳-ע-הופ׳) שטאלץ, טריאומפירענד; אויפ׳ן הויכען פערד.

cock'-and-bull' *a.* (קאק׳-ענד-בול׳) געגען שכל, אונגלויבליך.

cockatoo' *n.* (קאק-ע-טוה׳) די קאקא־דו [א מין פאפוגיי].

Cockatoo

cock'atrice *n.* (קאק׳-ע-טריס) א פאנ־טאסטישע שלאנג אין געשטאלט פון א האהן, וועלכע קען כלומר׳שט טויטען מיט׳ן בליק פון אויג [א הערב־צייכען].

cock'-bead *n.* (קאק׳-ביעד) א פוסטער פערעל, וועלכע איז גרעסער און זעהט זיך ארויס מעהר ווי די אנדערע פערעל אויף׳ן שנירעל.

cock'boat *n.* (קאק׳-באוט) א קליין שיפ־פעל.

cock'chafer *n.* (קאק׳-טשיי-פער) א מין זשוק [קעפער].

cock'crow *n.* (קאק׳-קראו) [די בעגינען צייט ווען דער האהן קרעהט].

cock'crowing *n.* (קאק׳-קראו-אינג) ז. *cockcrow*.

cock'ed-hat' *n.* (קאקט׳-העט׳) א היטעל מיט אן ארויפגעדרעהטען דאשיק; א צע־טעלע צונויפגעלעגט דריי־עקיג.

cock'er *n. and v.* (קאק׳-ער) א מין הינטעל, וועלכען מען בענוצט אין יאגד אויף וואלד־שנעפען; איינער וואס גיט זיך אב מיט העהנער־קאמפף; פערצערטלען; באלעווען; צופיעל נאכגעבען.

cock'erel *n.* (קאק׳-ער-על) א יונגער העהנדעל.

cock'eye *n.* (קאק׳-אי) א קאסאקע אויג.

cock'eyed *a.* (קאק׳-איד) מיט קאסאקע אויגען.

cock'-fight *n.* (קאק׳-פאיט) א העהנער־געפעכט, א העהנער־געשלעג [א מין ספארט, וואו העהנער, ספעציעל געלערנ־טע דערצו, שלאגען זיך].

cock'-figh'ter *n.* (קאק׳-פאי׳-טער) איי־נער וואס גיט זיך אב מיט דעם ספארט פון העהנער־געשלעג.

cock'-figh'ting *n.* (קאק׳-פאי׳-טינג) דער ספארט אדער שפיעל פון העהנער־געשלעג.

Cock-fighting is a common sport in Cuba.

cock'horse *n. and adv.* (קאק׳-הארס) א פערדעל וואס וויעגט זיך [אלס שפיעל־צייג]; רייטענדיג; ווי רייטענדיג.

cock'ish *a.* (קאק׳-איש) מעשה האהן; העזה׳דיג, פרעך, שטאלץ.

cock'ishness *n.* (קאק׳-איש-נעס) פרעכ־הייט, אונפערשעמטהייט, עזות, שטאלץ, איינבילדונג.

cock'le *n. and v.* (קאקל) א מין גראז; קנייטשען, צוזאמענקנייטשען; די הארץ־מושעל [אזא מאלוסקעל וואס ליעגט אין אזא מושעל וואס האט די פארם פון א הארץ. די מושעל ווערט געברויכט פאר פערשיעדענע פערציערונגען].

cock'le-boat *n.* (קאקל׳-באוט) א לייכט שיפעל.

cock'le-shell *n.* (קאקל׳-שעל) די הארץ־מושעל. ז. *cockle*.

cock'loft *n.* (קאק׳-לאפט) א מאנסארדע, א מעזאנין [א צימער אונטער׳ן דאך].

cock'-mas'ter *n.* (קאק׳-מעס׳-טער) דער וואס האדעוועט און לערנט קאמפף־העהנער.

cock'-match *n.* (קאק׳-מעטש) העהנער־וועט־קאמפף.

cock'-met'al *n.* (קאק׳-מעט׳-על) א וויי־כער מעטאל וואס בעשטעהט פון צוויי טיי־לען קופער און איין טייל בליי. ווערט בע־נוצט פאר פערשיעדענע כלים.

cock'ney *n.* (קאק׳-ני) א געבארענער פון לאנדאן [ווערט געברויכט ווענען א לאנדאנער וואס האט בעקומען א קנאפע ערציהונג].

cock'ney di'alect (קאק׳-ני דאי׳-ע-לעקט) די שפראך פון לאנדאנער המון.

cock'neydom *n.* (קאק׳-ני-דאם) לאנ־דאן און אומגעגענד [אלס שימפפווארט].

cock'neyism *n.* (קאק׳-ני-איזם) די שפראך און אויפפיהרונגען פון לאנדאנער המון.

cock of the roost (קאק אוו טהי רוסט) א מענש וואס גדול׳ט זיך, קוראזשעט זיך, וואס מאכט פון זיך א גאנצען העלד.

cock of the school (קאק אוו טהי סקוהל) דער רעדעל־פיהרער.

cock of the walk (קאק אוו טהי וואהק) איינער וואס האט בייגעקומען אלע הינדערניסע; א פיהרער, א הויפט־מאן.

cock of the wood (קאק אוו טהי וואוד) אן אויער־האהן [א מין ווילדער האהן].

cock'pit *n.* (קאק׳-פיט) דער פלאץ, וואו עס קומט פאר דאס שפיעל פון העהנער־קאמפף [א מין שפיעל וואו ספעציעל גע־לערנטע דערצו העהנער שלאגען זיך]; א האספיטאל־צימער אין די אמאליגע קריעגס־שיפען.

cock'roach *n.* (קאק׳-ראוטש) א פרייס.

Cockroach

cocks'comb *n.* (קאקס׳-קאום) דער קאם פון א האהן; א מין פלאנצע וואס זעהט אויס ווי דער קאם פון א האהן; דאס רויטע היטעלע פון א הויף־נאר [א מענש וואס פלעגט זיך מאכען נאריש און משוגע ביי די אמאליגע פריצים].

cocks'head *n.* (קאקס׳-העד) א שיי־טען־פלאנצע מיט קליינע בעבלעך.

cock'spur *n.* (קאק׳-ספויר) העהנער־שע שפארען; א מין דארן־פלאנצע.

cock'spur-grass *n.* (קאק׳-ספויר-גרעס) א מין שטרוי־ארטיגער גראז.

cock'-sure *a. and adv.* (קאק׳-שור) גאנץ זיכער.

cock'-sure'ness *n.* (קאק׳-שור׳-נעס) פאליטענדיגע זיכערקייט; פאלקאמענע איבערצייגונג.

cock'swain *n.* (קאק׳-סוויין) דער רו־דערער, דער פיהרער פון א קליין שיפעל.

cock′tail *n.* (קאק′-טייל) א מין שנאפס צוגעפערטיגט מיט געוויסע בשמים; א פויגעל, ביי וועלכען דער עק איז ווי ביי א האהן; א מין אייראפעאישער אינזעקט; א מענש וואס האט ניט בעקומען קיין גוטע ערציהונג.

cock′-wa′ter *n.* (קאק′-הוואה′-טער) א שטראם וואסער אבצושווייקען די זאמד פון ערץ [רויהער מעטאל].

cock′weed *n.* (קאק′-הוויעד) דאס פעפער=קרויט [א מין פלאנצע].

cock′y *a.* (קאק′-אי) פרעך, שטאלץ; מונטער, לעבעדיג.

co′co *n.* (קאו′-קאו) ז. *cocoa*.

co′coa *n.* (קאו′-קאו) די פאלמע, אויף וועלכער עס וואקסען קאקאס=ניס; קאקאא, שאקאלאד; די קערענדלעך פון וועלכע מען מאכט קאקאא אדער שאקאלאד.

co′coanut *n.* (קאו′-קא-נאט) קאקאס=נוס.

co′coanut mat′ting (קאו′-קא-נאט מעט′-אינג) ראגאזשעס געמאכט פון די קארע פון קאקאס=פאלמען.

co′coanut-oil *n.* (קאו′-קא נאט איל) קאקאס=אויל [אויל וואס מען בעקומט פון די קאקאס=ניס].

co′coanut-tree *n.* (קאו′-קא-נאט-טריע) דער קאקאס=נוס בוים.

Cocoanut-tree

co′coa-oil *n.* (קאו′-קאו-איל) ז. *cocoanut-oil*.

co′coa-plum *n.* (קאו′-קאו-פלאם) די קאקאס=פלוים.

co′coa-pow′der *n.* (קאו′-קאו-פאו′-דער) א זארט שיס=פולווער פון א ברוינעם קאליר.

co′coa-roas′ter *n.* (קאו′ קאו ראוס′-טער) א קאקאא=ברענער [אזא פאן אדער אויוועלע צום ברענען קאקאא אדער קאפע].

co′coa-tree *n.* (קאו′-קאו-טריע) ז. *cocoanut-tree*.

cocoon′ *n.* (קא-קוהן′) דער קאקאן [דאס פאוטינע=געוועב, אין וועלכען זייד=ווערים וויקלען זיך איין].

cocoo′nery *n.* (קא-קוה′-נער-אי) א פלאץ וואו מען האדעוועט זייד=ווערים.

coc′tile *a.* (קאק′ טיל) דירכגעברענט [ווי ציגעל, וועלכע מען ברענט דורך אין אן אויווען].

cod *n.* *and* *v.* (קאד) א שטאק=פיש [א געוויסער ווערטהפאלער ים=פיש, פון וועלכען עס ווערט געמאכט לעבער=טראן]; א שאלעכץ, א סטרוטשקע, א שייט; א ביי=טעל; דער בויך; איינהילזען; בעדעקען זיך מיט א שאלעכץ.



Cod

C. O. D. (סי. או. די.) די ראשי תבות פון *cash on delivery*, בעצאהלען ביים בעקומען די סחורה.

The package was forwarded C. O. D. and was paid for when it arrived at the house.

co′da *n.* (קאו′-דא) די קאדא [די ענדע וואס ווערט צוגעשריבען צו א מוזיקאלישער קאמפאזיציאן און אין וועלכער עס ווערען איבערגע′חזר′ט איינינע פריהעריגע טיילען].

cod′ded *a.* (קאד′-עד) איינגעשלאסען אין א שייט אדער סטרוטשקע [ווי באב, ארבעס א. ד. ג.].

cod′der *n.* (קאד′-ער) דער וואס פאנגט שטאק=פיש; די שיף, וועלכע מען בענוצט צו כאפען שטאק=פיש.

cod′dle *v.* *and* *n.* (קאדל) 1. לייכט זידען אדער קאכען [ווי מען קאכט פרוכט]; 2. לאשטשען, פערצערטלען; 3. דער ווייכלינג, א פערצערטעלטער, איידעל=ערצויגענער מענש.

2. Indulgent parents foolishly coddle their children.

code *n.* (קאוד) א קאדעקס, א געזעץ=בוך [א בוך, וואו עס זיינען צוזאמענגעקליבען און סיסטעמאטיזירט די געזעצען פון לאנד].

codeb′tor *n.* (קאו-דע′-טאר) דער מיט=שולדיגער, דער וואס איז נאך מיט איינעם שולדיג א חוב.

codefen′dant *n.* (קאו-די-פענ′-דענט) דער מיט=אנגעקלאגטער, דער וואס איז נאך מיט איינעם אנגעקלאגט אין א פערברעכען.

co′dex *n.* (קאו′-דעקס) א קאדעקס, א סיסטעמאטישע צוזאמענקלייבונג פון רעגעלען, תקנות; אן אלטער כתב=יד [בעזונדערס פון די הייליגע שריפטען]; א בוך, וואו עס זיינען סיסטעמאטיש צוזאמענגעקליבען די געזעצען פון א לאנד.

cod′fish *n.* (קאד′-פיש) דער שטאק=פיש.

cod′fish aristoc′racy (קאד′-פיש ע-ריס-טאק′ רע-סי) פוסטע אריסטאקראטיע; אויפגעקומענע נגידים.

cod′-fish′er *n.* (קאד′-פיש′-ער) דער וואס פאנגט שטאק=פיש.

cod′-fish′ery *n.* (קאד′-פיש′-ער-אי) דאס פאנגען שטאק=פיש; דער האנדעל מיט שטאק=פיש; דאס ארט וואו מען פאנגט שטאק=פיש.

codg′er *n.* (קאדזש′-ער) א קארגער מענש, א קמצן; אן אלטער חברה=מאן; א מאדנער מענש; א גוט=ברודער.

cod′ical *a.* (קאד′-אי-קעל) וואס איז שייך צו א קאדעקס אדער צו א סיסטעמאטישער זאמלונג פון געזעצען.

cod′ices *n.* (קאד′-אי-סיז) קאדעקסען.

cod′icil *n.* (קאד′-אי-סיל) א צוזאץ אדער א צוגעשריבענער שטיק צו א צואה.

codicil′lary *a.* (קאד-אי-סיל′-ע-רי) וואס דיענט אלס צוזאץ צו א צואה.

codifica′tion *n.* (קאד-אי-פי-קיי′-שאן) די סיסטעמאטישע איינארדנונג און אריינטראגונג פון א געזעץ אין געזעץ=בוך.

cod′ifier *n.* (קאד′-אי-פאי-ער) איינער וואס סיסטעמאטיזירט און טראגט אריין געזעצע אין געזעץ=בוך.

cod′ify *v.* (קאד′-אי-פאי) סיסטעמאטיש ארדנען און אריינטראגען געזעצע אין געזעץ=בוך.

To codify laws requires exceptional ability. Conflicting statutes must be harmonized.

codivi′sion *n.* (קאו-די-וויזש′-אן) די איינטיילונג אדער קלאסיפיצירונג לויט צוויי בעזונדערע מאדוסען אדער פרינציפען [ווי למשל, א דריי=עק אין געאמעטריע ווערט איינגעטיילט ערשטענס לויט זיינע ווינקלען און צווייטענס לויט זיינע זייטען].

cod′le *v.* *and* *n.* (קאדל) ז. *coddle*.

cod′ling *n.* (קאד′-לינג) א יונגער שטאק=פיש; אן אונצייטיגער עפעל, וועלכען מען קען עסען נור געבאקטערהייד; פריה=צייטיגע עפעל צום קאכען.

cod′ling-moth *n.* (קאד′-לינג-מאהטה) אן עפעל=ווארים, עפעל=פליג.

cod′-liv′er *n.* (קאד′-ליוו′-ער) דער לעבער פון א שטאק=פיש.

cod′-liv′er oil (קאד′-ליוו′-ער איל) פיש=טראן, לעבער=טראן [ווערט געברויכט אלס מעדיצין].

coe *n.* (קאו) א קליינע ביידעל פון ברעטער אין א קויהלען=גרוב.

cœ′cum *n.* (סיע′-קאם) די בלינדע קישקע. ז. *cæcum*.

coed′itor *n.* (קאו-עד′-אי-טאר) א מיט=רעדאקטאר.

coeduca′tion *n.* (קאו-עד-יו-קיי′-שאן) דאס שטודירען פון מענער און פרויען אין דעמזעלבינען קלאס אדער שוהל.

Co-education as a system is declining.

coeduca′tional *a.* (קאו-עד-יו-קיי′-שאנ-על) וואס איז שייך צו דעם שטודירען פון מענער און פרויען אין דעמזעלבינען קלאס אדער שוהל; וואס ערלויבט פרויען און מענער צו שטודירען אין איין שוהל.

coeffect′ *n.* (קאו-ע-פעקט′) א ביי=ווירקונג, א נעבען=ווירקונג.

coef′ficacy *n.* (קאו-עפ′-אי-קע-סי) די מיטווירקונג פון צוויי אדער עטליכע עלעמענטען ארויסצובריינגען איין זאך.

coeffi′ciency *n.* (קאו-ע-פיש′-ענ-סי) מיטווירקונג, צוזאמענווירקונג.

coeffi′cient *a.* *and* *n.* (קאו-ע-פיש′-ענט) מיטווירקענד, צוזאמענווירקענד; איינער אדער עפעס וואס ווירקט מיט אנדערע צוליעב איין ציעל; א קאעפיציענט [א ציפער אדער בוכשטאב וואס ווערט געשטעלט פאר אן אלגעבראאישען אויסדרוק, מיט וועלכען ער דארף גע′כפל′ט ווערען; אין פיזיק — א ציפער אדער בוכשטאב וואס צייגט אן דעם גראד פון אן איינענשאפט פון א שטאף].

coeffi′ciently *adv.* (קאו-ע-פיש′-ענט-לי) דורך מיטווירקונג, דורך צוזאמענווירקונג.

coe′horn *n.* (קאו′-האהרן) א קליינער הארמאט.

coel′der *n.* (קאו-על′-דער) א מיט=עלטסטער, איינער וואס שטעהט מיט נאך איינעם בראש.

cœ′lebs *n.* (סיע′-לעבס) א בחור, אן אונפערהייראטער מאן.

coelec′tion *n.* (קאו-אי-לעק′-שאן) דאס אויסקלייבען פאר אן אמט איינעם צוזאמען מיט אנדערע.

Cœlen′tera *n.* (סי-לענ′-טע-רא) די פלאנצען=טהיערע [דער מין בעשעפעניסען וואס האבען א חלל, וועלכער פערנעהמט

זייער גאנצען קערפער און וועלכער פונקצי־אנירט אי אלס פערדייאונגס־סיסטעם אי אלס בלוט־צירקולאציאנס־סיסטעם (צו דעם מין געהערען די זשעלאטין־פיש, קארא־לען א. ד. ג.)].

Cœlentera'ta *n.* (סי־לענ־טע־ריי'־טא) ז. ***Cœlentera***

cœlen'terate *a. and n.* (סי־לענ'־טע־רייט) וואס איז שייך צו די בעשעפעני־שען, וועלכע האבען א חלל, וואס פער־נעהמט זייער גאנצען קערפער; א בעשע־פעניש פון דיעזען מין. ז. ***Cœlentera***

cœles'tin *n.* (סי־לעס'־טין) דער קע־לעסטין [א מין מינעראל]; די קעלעס־טינא [א מוזיקאלישער אינסטרומענט].

cœ'liac *a.* (סי'־לי־עק) ז. ***celiac***

cœ'liac flux (סי'־לי־עק פלאקס) א שלשול, א שוואכער מאגען מיט ווייטא־גען.

cœ'liac pas'sion (סי'־לי־עק פעש'־אן) ז. ***cœliac flux***

cœ'lo-naviga'tion *n.* (סי'־לאו־נעוו־אי־גיי'־שאן) דער ארט נאוויגאציאן [שיף־פאהרען], וואו די לאגע פון שיף אין מיט'ן ים ווערט בעשטימט ניט דורך'ן קאמפאס, נאר לויט דער לאגע פון א נע־וויסען שטערען אדער פלאנעט.

coemp'tion *n.* (קא־עמפ'־שאן) דאס אויסקויפען א גאנצען ארטיקעל, כדי דער־נאך צו קענען קאנטראלירען זיין פרייז אויף'ן מארק.

coemp'tor *n.* (קא־עמפ'־טאר) דער וואס קויפט אויס מיט א מאל די גאנצע סחורה, כדי נאכדעם צו קענען קאנטראלירען דעם פרייז פון דיעזען ארטיקעל אויף'ן מארק.

cœ'nobite *n.* (סי'־נאו־באיט) ז. ***cenobite***

cœno'bium *n.* (סי־נאו'־בי־אם) א מא־נאסטיר, א גרופע מאנאכען וואס לעבען אלע צוזאמען; א צוזאמענגעקלעפטע מא־סע פון נידריגע פלאנצען־חיות.

coe'qual *a. and n.* (קאו־אי'־קהוועל) גלייך מיט אן אנדערען [פון דעם זעלבען ראנג אדער שטאנד]; דאס וואס איז גלייך צו אן אנדער זאך.

coequal'ity *n.* (קאו־אי־קהוואל'־אי־טי) גלייכהייט, דאס זיין גלייך מיט אן אנ־דערען.

coe'qually *adv.* (קאו־אי'־קהוועל־אי) אויף א גלייכען שטייגער מיט אן אנדע־רען.

coe'qualness *n.* (קאו־אי'־קהוועל־נעס) ז. ***coequality***

coerce' *v.* (קא־אורס') צווינגען.
A monopolist can **coerce** the public to pay him high prices for his goods.

coer'cer *n.* (קא־אויר'־סער) דער וואס צווינגט; דער וואס בעשרענקט אדער האלט איין.

coer'cible *a.* (קא־אויר'־סיבל) וואס קען איינגעשרענקט ווערען, וואס איז צום איינשרענקען; וואס לאזט זיך צווינגען.

coer'cibleness *n.* (קא־אויר'־סיבל־נעס) די איינגעשרענקטקייט, געצוואונגע־קייט.

coer'cion *n.* (קא־אויר'־שאן) איינשרענ־קונג; צוואנג.

coer'citive *a. and n.* (קא־אויר'־סי־טיוו) וואס קען צווינגען אדער איינשרענ־קען; דאס וואס צווינגט.

coer'cively *adv.* (קא־אויר'־סיוו־לי) מיט צוואנג, אנווענדענדיג צוואנגס־רעכט.

coer'civeness *n.* (קא־אויר' סיוו נעס) דאס זיין צוואנגהאפטיג אדער איינשרענ־קענד.

coessen'tial *a.* (קאו־ע־סענ'־שעל) פון גלייכען וועזען, גלייך אין עצם.

coessential'ity *n.* (קאו־ע־סענ־שי־על'־אי־טי) דאס זיין פון דעם זעלבען וועזען; דאס זיין בעצם גלייך.

coessen'tially *adv.* (קאו־ע־סענ'־שעל־אי) אין וועזען גלייך; בעצם גלייך.

coestab'lishment *n.* (קאו־עס־טעב'־ליש־מענט) א געשעפט וואס ווערט אנגע־פיהרט פון שותפים.

coestate' *n.* (קאו־עס־טייט') א גוט אדער שטאאט וואס בעשטעהט פון בעזונ־דערע פעראייניגטע טיילען.

coeta'nean *n.* (קאו־אי־טיי'־ני־ען) איינער וואס איז פון דעם זעלבען אלטער מיט נאך איינעם.

coeta'neous *a.* (קאו־אי־טיי'־ני־אס) פון דעם זעלבען אלטער מיט נאך איינעם.

coeta'neously *adv.* (קאו־אי־טיי'־ני־אס־לי) ז ***coetaneous***

coeter'nal *a.* (קאו־אי־טויר'־נעל) וואס עקזיסטירט מיט נאך עטוואס פון אייביג אן.

coeter'nally *adv.* (קאו־אי־טויר'־נעל־אי) דורך גלייכער אייבינקייט.

coeter'nity *n.* (קאו־אי־טויר'־ני־טי) גלייכע אייביגקייט; דאס עקזיסטירען מיט נאך איינעם פון אייביג אן.

coe'val *a. and n.* (קא־אי'־וועל) גלייכ־צייטיג; פון דעם זעלביגען אלטער; איי־נער וואס איז מיט אן אנדערען פון דעם זעלביגען אלטער.

coexec'utor *n.* (קאו־עג־זעק'־יו־טאר) דער וואס איז בעשטימט מיט נאך איי־נעם אויסצופיהרען די צוואה פון א גע־שטארבענעם; דער וואס פיהרט אויס מיט נאך איינעם דעם פסק־דין.

coexec'utrix *n.* (קאו־עג־זעק'־יו־טריקס) א מיט־עקזעקוטארין [די וואס פיהרט אויס מיט נאך אימעצען די צוואה פון א געשטארבענעם].

coexist' *v.* (קאו־עג־זיסט') עקזיסטירען אדער בעשטעהען גלייכצייטיג מיט אן אנ־דערען.

coexis'tence *n.* (קאו־עג־זיס'־טענס) דאס עקזיסטירען אדער בעשטעהן אין דער זעלבער צייט מיט אן אנדערען.

coexis'tent *a. and n.* (קאו־עג־זיס'־טענט) וואס עקזיסטירט אין דער זעלבער צייט מיט אן אנדערען; א זאך וואס עק־זיסטירט אין דער זעלבער צייט אדער וואס איז אונמיטעלבאר פערבונדען מיט אן אנ־דערער.

coexpand' *v.* (קאו־עקס־פענד') פאנאנ־דערשפרייטען אדער אויסשטרעקען צוזא־מען אויף א גלייכען אופן; אויסציהען אויף דער זעלבער שטרעקע.

coextend' *v.* (קאו־עקס־טענד') זיך גלייך אויסשטרעקען מיט אן אנדערען.

coexten'sion *n.* (קאו־עקס־טענ'־שאן) גלייכע אויסשטרעקונג אדער אויסברייי־טונג פון איין זאך מיט אן אנדערער.

coexten'sive *a.* (קאו־עקס־טענ'־סיוו) וואס שטרעקט זיך אוים גלייך ווייט; וואס פערנעהמט דעם גלייכען שטח אדער די גלייכע צייט.

coexten'sively *adv.* (קאו־עקס־טענ'־סיוו־לי) ז. ***coextensive***

coexten'siveness *n.* (קאו־עקס־טענ'־סיוו־נעס) דער צושטאנד אדער די איי־גענשאפט פון האבען דיזעלבע אויסשטרע־קונג ווי אן אנדער זאך.

cof'fee *n.* (קאפ'־אי) קאווע, קאפע; די בעבלעך פון א קאפע־בוים; דער קא־פע־בוים.

cof'fee-bean *n.* (קאפ'־אי־ביען) א קאפע־בעבעל.

cof'fee-ber'ry *n.* (קאפ'־אי־בער'־אי) ז. ***coffee-bean***

cof'fee-blight *n.* (קאפ'־אי־בלאיט) א מיקראסקאפישער שוועמעל, וועלכער בריינגט גרויסען שאדען די קאפע־בוימער.

cof'fee-bug *n.* (קאפ'־אי־באג) אן אינ־זעקט וואס האלט זיך אויף אויף קאפע־בוימער און בריינגט זיי שאדען.

cof'fee-clea'ner *n.* (קאפ'־אי־קליע'־נער) אן אפאראט, מיט וועלכען מען שיילט אוים די קאפע־בעבלעך פון די שיי־טען; א מאשין וואס רייניגט רויהע קאפע.

cof'fee-cup *n.* (קאפ'־אי־קאפ) א קא־פע־טאס.

cof'fee-house *n.* (קאפ'־אי־האוס) א קאפע־הויז.

cof'fee-mill *n.* (קאפ'־אי־מיל) א מיהל־כעל, אין וועלכער מען מאהלט קאפע.

cof'fee-plant *n.* (קאפ'־אי־פלענט) א קאפע־בוימעל.

Coffee-plant

cof'fee-planta'tion *n.* (קאפ'־אי־פלענ־טיי'־שאן) א קאפע־פלאנטאציע [א לאנד־בעזיץ וואו עס ווערט געפלאנצט קאפע].

cof'fee-pot *n.* (קאפ'־אי־פאט) א קא־פע־קאן.

cof'fee-roas'ter *n.* (קאפ'־אי־ראוס'־טער) איינער וועלכער ברענט קאפע־בעבלעך צו מאהלען זיי; א מאשין צו ברענען קאפע־בעבלעך.

cof'fee-room *n.* (קאפ'־אי רוהם) א קאפע־הויז; א גארקיך.

cof'fee-set *n.* (קאפ'־אי־סעט) א קאפע־סערוויז [אלע כלים וואס זיינען נויטיג פאר צוגרייטען און טרינקען קאפע].

cof'fee-shop *n.* (קאפ'־אי־שאפ) א קא־פע־הויז; א קראם וואו מען פערקויפט קאפע.

cof'fee-tree *n.* (קאפ'־אי־טריע) דער קאפע־בוים.

cof'feine *n.* (קאפ'־אי־אין) ז. ***caffein***

cof'fer *n. and v.* (קאפ'־ער) א קאס־טען, א קופערט; א געלד־קאסטען; אזא זארט פערציערונגס־ארבייט אויף א סופיט [סטעליע]; אריינלעגען אין א קאסטען.

cof'fer-dam *n.* (קאפ'־ער־דעם) א קא־פער־דאם [א פעסטער קאסטען וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א טייך אדער אין אן אנדער וואסער־פלאץ פאר דעם צוועק אויס־צופומפען דאס וואסער אויף דעם ארט, אום מען זאל קענען לעגען א פונדאמענט פאר א געביידע וואס דארף דארטען געבויט

ווערען, ווי א בריק א. ד. ג.]; אזא גומי מיט קלאמערען וואס דענטיסטען בענוצען ארומצולעגען ארום א צאהן, וועלכען מען דארף פלאמבירען, אז קיין שפייעכץ זאל צו איהם ניט צוקומען; איינע פון די פעסט אבגעשלאסענע קאמערען אין א קריעגס־שיף, וואס האבען די אויפגאבע ניט ארייינצולאזען קיין וואסער אין שיף, ווען איהרע זייטען ווערען דורכגעשאסען [אזעלכע קאמערען ווערען געמאכט אין די זייטען פון שיף, זיי ווערען אויסגעשטאפט מיט א געוויסען מאטעריאל און בילדען א דאפעל־וואנד].

cof'ferer *n.* (קאפ'-ער-ער) אן אויבערבעאמטער אין אמאליגען קעניגליכען הויף פון ענגלאנד, וואס האט נעהאט די אויפזיכט אויף אלע אנדערע הויף־בעאמטע.

cof'fer-work *n.* (קאפ'-ער-הוואירק) אזא זארט פערציערונגס־ארבייט אויף א סופיט [סטעליע].

cof'fin *n.* and *v.* (קאפ'-אין) א טרונע, א זארג, א טויטען־קאסטען; אריינלעגען אין א טרונע; פערשליסען און בעהאלטען פון דער שיין.

cof'fin-bone *n.* (קאפ'-אין-באון) דער ביין פון א פערד'ס פוס, וואס איז אין דער קאפיטע.

cof'fin-ma'ker *n.* (קאפ'-אין-מוי'-קער) א טרונע־מאכער.

cof'fle *n.* (קאפל) א קאמפאניע שקלאפען געפיהרט אויף'ן מארק צום פערקויף.

cofound' *v.* (קאו-פאונד') גרינדען צוזאמען.

cofoun'der *n.* (קאו-פאונ'-דער) א מיט־גרינדער.

cog *n.* and *v.* (קאג) דער צאהן פון א ראד; א קליין שיפעל; א שטוקע, א שפיצעל, בעטרוג; א געפעלשטער שפיעל־ביינדעל [וועלכער ווערט אנגעגאסען מיט בליי]; מאכען צייהנער אין א ראד; חנפ'ענען, בעטריגען; זיך אנטשעפען, זיך צוטשעפען; בערעדען, אנרעדען; שפיעלען מיט פאלשע שפיעל־ביינדלעך.

co'gency *n.* (קאו'-דזשענ-סי) מאכט צו איבערצייגען, גלויבליכקייט.

co'gent *a.* (קאו'-דזשענט) שטארק איבערצייגענד.

A logician can always give **cogent** arguments.

co'gently *adv.* (קאו'-דזשענט-לי) אויף א שטארק איבערצייגענדען אופן.

cogged dice (קאגד דאיס) פאלשע שפיעל־ביינדלעך [וועלכע זיינען אנגעגאסען מיט בליי].

cog'ger *n.* (קאג'-ער) א חונף, א בעטריגער.

cog'ging *n.* (קאג'-אינג) דאס בעטריגען דורך פאלשע שפיעל־ביינדלעך.

cog'gle *n.* (קאגל) א קליין שיפעל.

cog'gly *a.* (קאג'-לי) ניט איינגעשטעלט, ניט פעסט, ניט שטענדיג.

cogitabil'ity *n.* (קאדזש-אי-טע-ביל'-אי-טי) דענקבארקייט.

cog'itable *a.* (קאדזש'-אי-טעבל) דענקבאר; וואס לעגט זיך אויף'ן שכל.

cog'itate *v.* (קאדזש'-אי-טייט) ערנסט דענקען; בעדענקען; זיך טיעף ארייינדענקען.

cogita'tion *n.* (קאדזש-אי-טיי'-שאן) דאס דענקען: דאס נאכדענקען.

cog'itative *a.* (קאדזש'-אי-טיי-טיוו) נאכדענקענדיג; וואס קען זיך ארייינדענקען.

cog'itatively *adv.* (קאדזש'-אי-טיי-טיוו-לי) דורך נאכדענקען.

cog'ito er'go sum (קאדזש'-אי-טאו ער'-גאו סאם) איך דענק, פאלגליך עקזיסטיר איך [א פילאזאפישער אויסדרוק פון'ם פראנצויזישען פילאזאף דעקארט].

co'gnac *n.* (קאו'-ניאק) קאניאק; פראנצויזישער בראנפען.

cog'nate *n.* and *a.* (קאג'-נייט) 1. פון דעם זעלבען מין; וואס האט א שייכות; 2. פערוואנדטע, קרובים.

1. The lecturer spoke about the tariff and **cognate** subjects.

cog'nateness *n.* (קאג'-נייט-נעס) קריבה'שאפט, פערוואנדשאפט.

cognat'ic *a.* (קאג-נעט'-איק) פערוואנדט.

cogna'tion *n.* (קאג-ניי'-שאן) פערוואנדטשאפט; קרובה'שאפט; עהנליכקייט אין נאטור אדער כאראקטער.

cogni'tion *n.* (קאג-ניש'-אן) וויסענשאפט, קענטניס; דאס וויסען.

cog'nitive *a.* (קאג'-ני-טיוו) וואס האט די מעגליכקייט צו וויסען אדער צו לערנען; וואס איז שייך צו וויסענשאפט אדער קענטניס.

cognizabil'ity *n.* (קאג-ני-זע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט צו וויסען, פערשטעהן אדער בעגרייפען; די מעגליכקייט אונטערזוכט און געפראבירט צו ווערען.

cog'nizable *a.* (קאג'-ני-זעבל) וואס קען בעגריפען אדער פערשטאנען ווערען; וואס קען אונטערזוכט אדער פראבירט ווערען.

cog'nizably *adv.* (קאג'-ני-זעב-לי) ז. *cognizable*.

cog'nizance *n.* (קאג'-ני-זענס) ערקענטניס, קענטניס; דאס בעגרייפען, דאס פערשטעהן; געריכטליכע ערקענונג; ערקונדיגונג פון געריכט וועגען א פערברעכען.

The judge took **cognizance** of the absence of the prisoner.

cog'nizant of (קאג'-ני-זענט אוו) וואס האט די קענטניס פון... וואס איז בעקאנט מיט... וואס קען זיך ערקונדיגען.

I was made **cognizant of** the exact facts in the case.

cog'nize *v.* (קאג'-נאיז) בעגרייפען, פערשטעהן, וויסען.

cognizee' *n.* (קאג-ני זיע') אימעצער וועמען עס איז געריכטליך צוגעשטימט געווארען דאס אייגענטומס־רעכט אויף א שטיק לאנד.

cog'nizor *n.* (קאג'-ני-זאר) איינער וואס טרעט אב דורך געריכט צו אימעצען זיין רעכט אויף א שטיק לאנד.

cogno'men *n.* (קאג-נאי'-מען) א פאמיליען־נאמען; א צונאמען, א ביינאמען.

cognom'inal *n.* and *a.* (קאג-נאמ'-אי-נעל) וואס איז שייך צו א פאמיליען־נאמען; וואס האט דעמזעלבען נאמען; איינער וואס האט דעם זעלבען נאמען.

cognom'inate *v.* and *a.* (קאג-נאמ'-אי-נייט) געבען א צונאמען; וואס האט א צונאמען.

cognomina'tion *n.* (קאג-נאמ-אי-ניי'-שאן) א פאמיליען־נאמען; א צונאמען.

cognom'ine *adv.* (קאג-נאמ'-אי-ני) דורך א צונאמען.

cognos'cence *n.* (קאג-נאס'-ענס) קענטניס, ערקענטניס; דאס וויסען.

cognoscen'te *n.* (קאו-ניאו-שענ'-טע) א מבין, א פערשטעהער.

cognoscibil'ity *n.* (קאג-נאס-אי-ביל'-אי-טי) דאס זיין ערקענבאר; בעגרייפליכקייט, פערנעהמבארקייט.

cognos'cible *a.* (קאג-נאס'-איבל) ערקענבאר, בעגרייפליך; וואס מען רעט וויסען; וואס איז אונטערווארפען א געריכטליכע אונטערזוכונג.

cognos'citive *a.* (קאג-נאס'-אי-טיוו) האבענדיג די פעהיגקייט צו ערקענען אדער וויסען.

cognos'citive fac'ulty (קאג-נאס'-אי-טיוו פעק' אל-טי) ערקענונגס פעהיגקייט.

cogno'vit *n.* (קאג-נאו'-וויט) א געשריבענע אנערקענונג פון דעם אנגעקלאגטען דאס דער קלעגער האט רעכט.

co-guar'dian *n.* (קאו-גאר'-די-ען) א מיט־אפעקון, מיט־אפטרופוס.

cog'ware *n.* (קאג'-הוועהר) אזא גראבע געוואנד וואס פלעגט געברויכט ווערען פון דער ארעמער בעפעלקערונג אין ענגלאנד ביז'ן ענדע פון 16טען יאהרהונדערט.

cog'-wheel *n.* (קאג'-הוויעל) א צאהן־ראד.

cohab'it *v.* (קא-העב'-איט) לעבען צוזאמען ווי א מאן מיט א פרוי [אפט ביי פערזאנען וועלכע זיינען ניט געזעצליך פערהייראט]; געשלעכטליך פערקעהרען.

cohab'itant *n.* (קא-העב'-אי-טענט) א מיט־בעוואהנער, איינער וואס וואהנט מיט א צווייטען אין דעם זעלבען הויז.

cohabita'tion *n.* (קא-העב-אי-טיי'-שאן) דאס בייזאמען לעבען ווי א מאן און פרוי [אפט וועגען פערזאנען וואס זיינען ניט געזעצליך פערהייראט]; דער אקט פון געשלעכטליכען פערקעהר.

cohab'iter *n.* (קא-העב'-אי-טער) ז. *cohabitant*.

coheir' *n.* (קאו-עהר') א מיט־יורש, איינער וואס איז בערעכטיגט מיט נאך איינעם צו א ירושה.

coheir'ess *n.* (קאו-עהר'-עס) א מיט־יורש'טע, איינע וואס איז בערעכטיגט צו א טייל ירושה.

coheir'ship *n.* (קאו-עהר'-שיפ) די מיט־ערבשאפט.

cohere' *v.* (קא-היער') צוזאמענהעפטען, צוזאמענקלעפען, צונויפפאסען; זיין לאגיש צונויפגעפאסט אדער צונויפגעבונדען; איבעראיינשטימען, מותאם ווערען.

coher'ence *n.* (קא-היער'-ענס) צוזאמענהאנג; פערבינדונג; צונויפפאסונג.

This author's style is always characterized by **coherence**.

coher'ency *n.* (קא-היער'-ענ-סי) ז. *coherence*.

coher'ent *a.* (קא-היער'-ענט) צוזאמענהענגענד; צונויפגעפאסט; לאגיש צונויפגעבונדען; מיט א טאלק.

He was so frightened, that he could give no **coherent** answer as to what happened.

coher'ently *adv.* (קא-היער'-ענט-לי) אין צוזאמענהאנג; אין א לאגישער פערבינדונג; מיט א טאלק.

coher'er *n.* (קאו-היער'-ער) א קאהערער [אזא קליינעם גלעזערנעם רעהרעל אנגעפילט מיט קליינע שטיקלעך זילבער און ניקעל וועלכעס ווערט בענוצט אין דראטלאזע טעלעגראפיע פאר דעם עלעקטרישען קאנטאקט].

coher'itor *n.* (קאו-הער'-אי-טאר) א מיט־יורש.

cohesibil'ity *n.* (קא-הי-זי-ביל'-אי-טי) די קאהעזיאנס־קראפט [די פיזיקאלישע איינגענשאפט דורך וועלכע די מאלעקולען פון א שטאף האלטען זיך צוזאמען און בילדען אן איינהייטליכע מאסע]; די צונויפקלעפונג; דאס צוזאמענהאלטען זיך.

cohe'sible *a.* (קא-הי'-זיבל) קאהעזיאנס־פעהיג. ז. *cohesion*.

cohe'sion *n.* (קא-הי'-זשאן) קאהעזיאן

[די פיזיקאלישע אייגענשאפט פון די מאלעקולען (טיילכלעך) פון שטאף זיך צו האלטען צוזאמען און בילדען אן איינהייטליכע, איינפערמיגע מאסע]; דאס זיין צונויפגעקלעפט אדער פעראייניגט.

cohe'sive *a.* (קא-הי׳-סיוו) צוזאמענהענגענד, וואס האלט זיך צוזאמען; וואס האט די אייגענשאפט פון קאהעזיאן; צונויפקלעפענד.

The bandage is held on by **cohesive** plaster.

cohe'sively *adv.* (קא-הי׳-סיוו-לי) אין צוזאמענהאלטונג; דורך קאהעזיאן. ז. ***cohesion***

cohe'siveness *n.* (קא-הי׳-סיוו-נעס) ז. ***cohesibility***

cohib'it *v.* (קא-היב׳-איט) אבהאלטען, הינדערן.

cohibi'tion *n.* (קאו-הי-ביש׳-אן) הינדערניש, אבהאלטונג.

co'hobate *v.* (קאו׳-הא-בייט) נאך אמאל דיסטילירען.

cohoba'tion *n.* (קאו-הא-ביי׳-שאן) דאס נאך אמאל דיסטילירען.

co'hort *n.* (קאו׳-הארט) אן אבטיילונג סאלדאטען; אן אבטיילונג פוס־סאלדאטען אין אלטען רוים; א גרופע פלאנצען אדער חיות וואס געהערען צו איין מין.

coif *n. and v.* (קאיף) א יארמולקע; אן אדוואקאטען יארמולקע [אזא יארמולקע וואס אדוואקאטען טראגען אין איינגע לענדער ווען זיי טרעטען אויף אין געריכט]; א הויב; בעדעקען מיט א הויב.

coif'fure *n.* (קאיפ׳-יור) א קאפ־פוץ; א האר־פריזור.

coign *n.* (קאין) א ווינקעל; א שפיץ.

coign of van'tage (קאין אוו וועני׳-טיידזש) אן אויסגעצייכענטע פאזיציע.

coil *v. and n.* (קאיל) אויפוויקלען ווי א קנויל אדער ספיראלע; זיך צונויפוויקלען ווי א קנויל אדער ספיראלע; געוויקעלטע שטריק; אן עלעקטרישער קופער־דראט וואס איז געוויקעלט ווי א ספיראלע; א גרופע אייזערנע רעהרען וואס זיינען צונויפגעשטעלט אין דער פארם פון א ספיראלע, ווי ביי דאמפף־הייצונג; לארם; טומעל.

coin *n. and v.* (קאין) א מינץ, א מטבע; א ווינקעל, א קלין; פרעגען אדער גיסען מטבעות; פאבריצירען, ערפינדען, אויסטראכטען.

coi'nable *a.* (קאי׳-נעבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין מטבעות.

coi'nage *n.* (קאי׳-נעדזש) די פרעגונג פון מטבעות; מינץ־געלד; געצאהלט פאר די פרעגונג פון מטבעות; פאבריצירונג.

coin'-assor'ter *n.* (קאינ׳-ע-סאר׳-טער) א מאשין צו זארטירען מטבעות לויט זייער גרויס און געוויכט.

coin a tale (קאין ע טייל) אויסטראכטען א מעשה.

coin'-bal'ance *n.* (קאינ׳-בעל׳-ענס) א ספעציעלע פינקטליכע וואג פאר וועגען מטבעות.

coincide' *v.* (קאו-אינ-סאיד׳) צוזאמענטרעפען אין איין פונקט; איבעראיינשטימען.

My judgment **coincides** with your opinion on the question.

coin'cidence *n.* (קא-אינ׳-סי-דענס) צוזאמענטרעפונג אין איין צייט אדער איין פונקט; איבעראיינשטימונג; א צופעליגע איבעראיינשטימונג.

It was a **coincidence** that Thomas Jefferson and John Adams died on the anniversary of the signing of the Declaration of Independence.

coin'cident *a.* (קא-אינ׳-סי-דענט) צוזאמענטרעפענד; איבעראיינשטימענד.

coinciden'tal *a.* (קא-אינ-סי-דענ׳-טעל) וואס טרעפט זיך צונויף אין איין צייט אדער אין איין פונקט.

coinciden'tally *adv.* (קא-אינ-סי-דענ׳-טעל-אי) דורך צונויפטרעפען אין איין צייט אדער אין איין פונקט; דורך איבעראיינשטימונג.

coin'cidently *adv.* (קאו-אינ׳-סי-דענט-לי) ז. ***coincidentally***

coinci'der *n.* (קאו-אינ-סאי׳-דער) דער וואס שטימט איין מיט אן אנדערען.

coin'-coun'ter *n.* (קאינ׳-קאונ׳-טער) א מאשינקע צו צעהלען געלד [מטבעות].

coin'dicant *a. and n.* (קאו-אינ׳-די-קענט) וואס דערלעגט נאך א סמן אדער סימפטאם; וואס שטימט איין מיט אן אנדער סמן אדער סימפטאם; א גלייכער סמן אדער סימפטאם וואס ציינט אז דיזעלבע זאך וואס אן אנדערער.

coindica'tion *n.* (קאו-אינ-די-קיי׳-שאן) א צייכען אדער סימפטאם וואס ווייזט דיזעלבע זאך וואס אן אנדערער.

coi'ner *n.* (קאי׳-נער) א מינצען־פרעגער [איינער וואס שטעמפעלט מטבעות]; אן אויסטראכטער.

coinhab'itant *n.* (קאו אינ-העב׳-אי-טענט) א מיט־בעוואהנער [איינער וואס וואהנט צוזאמען מיט אנדערע].

coinhab'iting *n.* (קאו-אינ-העב׳-אי-טינג) דאס וואהנען צוזאמען.

coinher'itance *n.* (קאו-אינ-הער׳-אי-טענס) די מיט־ערבשאפט [א ירושה אין וועלכער צוויי אדער מעהרערע זיינען בעטיילינגט].

coinher'itor *n.* (קאו-אינ-הער׳-אי-טאר) דער מיט־יורש.

coi'ning-press *n.* (קאי׳-נינג-פרעס) א מאשין צום פרעגען [אבשטעמפלען] מטבעות.

coin'less *a.* (קאינ׳-לעס) ניט האבענדיג א פרוטה.

coin mon'ey (קאין מאנ׳-אי) 1. מינצען געלד; 2. פיעל געלד פערדיענען [שמיעדען געלד].

1. Congress has the power to **coin money**.
2. He is **coining money** out of his business.

coinstanta'neous *a.* (קאו-אינ-סטענ-טיי׳-ני-אס) וואס פאסירט אין דערזעלבער צייט.

coinsure' *v.* (קאו-אינ-שור׳) פערזיכערען אימעצענס לעבען צוזאמען מיט אנדערע.

cointense' *a.* (קאו-אינ-טענס׳) פון דערזעלביגער אנשטרענגונג אדער ווירקזאמער קראפט, ווי אן אנדערער; פון גלייכער אנשטרענגונג אדער קראפט.

cointen'sion *n.* (קאו-אינ-טענ׳-שאן) דאס זיין פון דערזעלביגער קראפט אדער אנשטרענגונג.

cointen'sity *n.* (קאו-אינ-טענ׳-סי-טי) ז. ***cointension***

coin'terest *n.* (קאו-אינ׳-טער-עסט) געמיינשאפטליכע אינטערעסע.

coin words (קאין הוואירדז) ערפינדען אדער אויסטראכטען נייע ווערטער.

Authors often **coin** new **words**.

coir *n.* (קאיר) פעדים אדער שטריק געמאכט פון דער קארע פון קאקוס־ניס־פאלמען.

coire *n.* (קאיר) ז. ***coir***

coit *n. and v.* (קאיט) עפעס וואס ווערט געווארפען צו א געוויסען ציעל; א שים־ציעל; ווארפען. ז. ***quoit***

coi'tion *n.* (קא-איש׳-אן) פעראייניגונג, צוזאמענקונפט; דער אקט פון געשלעכטליכען פערקעהר.

co'itus *n.* (קאו׳-אי-טאס) ז. ***coition***

coju'ror *n.* (קאו-דזשו׳-ראר) דער וואס שווערט פאר׳ן אנדערען אז מען קען איהם גלויבען.

coke *n. and v.* (קאוק) קאקאס־קויהלען [ווערען ערהאלטען דורך עטוואס דורכברענען איינפאכע שטיין־קויהלען]; פערוואנדלען איינפאכע שטיין־קויהלען אין קאקאס־קויהלען.

coke'-kiln *n.* (קאוק׳-קיל) אן אויווען וואו מען ברענט איינפאכע שטיין־קויהלען אויף קאקאס־קויהלען.

coke'-ov'en *n.* (קאוק׳-אוון) ז. ***coke-kiln***

co'kernut *n.* (קאו׳-קער-נאט) קאקאס־ניס.

co'king *n.* (קאו׳-קינג) דאס פערוואנדלען איינפאכע שטיין־קויהלען אין קאקאס־קויהלען.

co'king-kiln *n.* (קאו׳-קינג-קיל) ז. ***coke-kiln***

co'king-ov'en *n.* (קאו׳-קינג-אוון) ז. ***coke-kiln***

col *n.* (קאל) א שמאלער טאל צווישען צוויי בערג.

Col. אן אבקירצונג פון ווארט ***colonel***

cola'borer *n.* (קאו-ליי׳-באר-ער) א מיט־ארבייטער.

col'ander *n.* (קאל׳-ענ-דער) א זייער; א פילטער.

col'arin *n.* (קאל׳-ע-רין) די האלז פון א זייל.

cola'tion *n.* (קא-ליי׳-שאן) דאס אויסזייען, דאס פילטרירען.

col'ature *n.* (קאל׳-ע-טשור) דאס דורכזייען; דאס וואס ווערט דורכגעזייט; א זייער, א פילטער.

Col'chicum *n.* (קאל׳-קי-קאם) א מין זאפראן־פלאנצען וועלכע ווערען בענוצט אין דער מעדיצין.

col'cothar *n.* (קאל׳-קא-טהער) ענגליש־רויט [אזא רויט־ברוינליכער פולווער וואס ווערט ערהאלטען פון איבערגעראסטעטען אייזען].

cold *a. and n.* (קאולד) 1. קאלט, פראסטיג; 2. גלייכגילטיג; אהן געפיהל; 3. קעלט, פערקיהלונג; קאטער; 4. פון א בלויליכען עפעקט [אין בילדער מאהלעריי].

2. His manner of speech is **cold**. 3. He suffers from a **cold**. 4. He paints in **cold** colors.

cold applica'tions (קאולד עפ-לי-קיי׳-שאנז) קאלטע אומשלעגע, קאלטע קאמפרעסען.

cold as char'ity (קאולד עז טשער׳-אי-טי) אהן מיט־געפיהל [קאלט ווי צדקה].

cold as Christ'mas (קאולד עז קריס׳-מעס) ביטער קאלט [ווי אין ווייהנאכטס־צייט].

cold blood (קאולד בלאד) געלאסענהייט; קאלט־בלוטיגקייט.

cold'-blood'ed *a.* (קאולד׳-בלאד׳-עד) 1. קאלטבלוטיג, אהן געפיהל; 2. וואס האט קאלטעס בלוט [ווי פיש א. ד. ג.].

1. He is a **cold-blooded** villain. 2. Reptiles, amphibians and fishes, are **cold-blooded** animals.

cold'-chis'el *n.* (קאולד׳-טשיז׳-על) א דלאט אדער שטעמאייזען פון פערהארטעוועטע שטאל].

cold com'fort (קאולד קאמ'-פארט) א שוואכע טרייסט.
It is cold comfort for the living that the dead rest in peace.
cold'-cream *n.* (קאולד'-קריעם) אזא קיהלענדע זאלב פאר די הויט.
cold discourse' (קאולד דיס-קאורס') א קאלטע, ניט אינטערעסאנטע רעדע.
cold'-drawn *a.* (קאולד'-דראהן) ארויס-געצויגענע אהן דער הילף פון היץ [וועגען אייזען].
cold'-ham'mer *v.* (קאולד'-העמ'-ער) קאלט שמיעדען [ביי מעטאלען ווען זיי ווערען געשמיעדט קאלטערהייט].
cold'-ham'mering *n.* (קאולד'- העמ'-ער-אינג) דאס שמיעדען מעטאל קאלטערהייט.
cold'-hear'ted *a.* (קאולד'-האר'-טעד) קאלטהערציג; גלייכגילטיג; ניט האבענדיג קיין מיטגעפיהל.
cold'-hear'tedly *adv.* (קאולד'-האר'-טעד-לי) אויף א קאלטהארציגען אופן; דורך גלייכגילטיגקייט.
cold'-hear'tedness *n.* (קאולד'- האר'-טעד-נעס) קאלט-הארציגקייט; גלייכגילטיגקייט.
cold'ish *a.* (קאולד'-איש) קיהל.
cold jest (קאולד דזשעסט) א פוילער וויץ.
cold'-kind *a.* (קאולד-קאינד) קאלט, אבער ליעבליך.
cold'ly *adv.* (קאולד'-לי) אויף א קאלטען שטייגער; אהן געפיהל; גלייכגילטיג.
cold'-mo'ving *a.* (קאולד'-מו'-ווינג) גלייכגילטיג, אהן אינטערעסע.
cold'ness *n.* (קאולד'-נעס) קאלטקייט; גלייכגילטיגקייט.
cold purse (קאולד פוירס) א לעדיג בייטעלע, א לעדיגער טייסטער.
cold'-short *a.* (קאולד'-שארט) וואס ברעכט זיך ווען עס איז אבגעקיהלט [ווי א מעטאל].
Cold-short iron.
cold'-shoul'der *v.* (קאולד'-שאול'-דער) זיך קאלט בענעהמען, אויפנעהמען קאלט אדער גלייכגילטיג.
cold'-slaw *n.* (קאולד'-סלאה) א געריכט פון פערשיעדענע דין צושניטענע גרינסען; א קרויט-סאלאד.
cold'-sore *n.* (קאולד'-סאור) אן אויס-שלאג אויף די הויט פון קעלט [הויפטזעכליך ארום מויל].
cold stor'age (קאולד סטאור'-איידזש) אן אייז-קאמער [וואו מען לעגט אוועק פראדוקטען, הויפטזעכליך עסענווארג, וואס דארפען ליעגען אויף קעלט, אז זיי זאלען ניט פערדארבען ווערען].
cold'-sweat'ing *n.* (קאולד'-סוועט'-אינג) די מעטאדע אין גארבעריי ארבייטען צונעהמען די האר פון פעל דורך ווייקען זיי איינינגע טעג אין קעסלען אונטער א שטראם קאלטעם וואסער.
cold'-tin'ning *n.* (קאולד'-טינ'-אינג) די מעטאדע אויסצוצינען כלים מיט צין-אמאלגאם [צין געמישט מיט קוועקזילבער].
cold wave (קאולד הוועיוו) א קאלטע ליפט-כוואליע [דורך וועלכע עס ווערט פלוצים קאלט].
cold without' (קאולד וויטה-אוט') א ריינער שנאפס אהן וועלכען עס איז בייגעמיש.
cole *n.* (קאול) קרויט; א קופע היי; נידערטרעכטיגקייט; פאלשקייט.
co-legatee' *n.* (קאו-לעג-ע-טיע') א מיט-יורש לויט צוואה.

cole'-mouse *n.* (קאול'-מאוס) ז. *coal-mouse*.
Coleop'tera *n.* (קאו-לי-אפ'-טע-רא) דער מין פליגען וואס האבען הארטע פליעגעל-דעקלעך איבער זייערע געוועהנליכע פליעגלען [זשוקעס, קעפער].
coleop'teral *a.* (קאו-לי-אפ'-טע-רעל) וואס האט הארטע פליגלען-דעקלעך; וואס איז ווי א קעפער [זשוק].
coleop'terist *n.* (קאו-לי-אפ'-טע-ריסט) א קענער אדער פארשער פון פליגען אדער קעפער.
coleop'terous *a.* (קאו-לי-אפ'-טער-אס) ז. *coleopteral*.
cole'rape *n.* (קאול'-רייפ) א ריב [אזא זיסער גארטען-גרינס וואס איז עהנליך צו רעטיך].
cole'-seed *n.* (קאול'-סיעד) ריבען-זאט; א ריב.
cole'-slaw *n.* (קאול'-סלאה) א געריכט פון פערשיעדענע דין צושניטענע גרינסען; קרויט-סאלאט.
colessee' *n.* (קאו-לע-סי') א מיט-שכן; א מיט-ארענדאר.
coles'sor *n.* (קאו-לעס'-אר) א שותף אין ארויסגעבען א קאנטראקט ביים פערדינגען א הויז אדער לאנד.
cole'wort *n.* (קאול'-הווארט) קרויט; קרויט-פלאנצע; יונגע קרויט וואס איז נאך אין בלעטער און ניט אין קעפ.
col'ic *n.* (קאל'-איק) 1. א שטארקער קרעמפף אין די געדערים אדער אין בויך [הויפטזעכליך וואס קומט פון א צו לויזען מאגען]; 2. קרעמפף אין בויך ביי קליינע קינדער, וואס קומט פון זויגען א לעדיגע פלאש.
2. The baby suffers from colic.
col'icky *a.* (קאל'-אי-קי) וואס איז שייך צו קרעמפף אין די געדערים; וואס ליידט פון קרעמפף אין די געדערים.
col'ic-root *n.* (קאל'-איק-רוהט) אזא פלאנצע וואס ווערט געברויכט אין דער מעדיצין געגען קרעמפף אין די געדערים.
col'in *n.* (קאל'-אין) א מין קוראפאטקע [אזא פויגעל].
Colise'um *n.* (קאל-אי-סי'-אם) דער קאליסעאום [דער אמפיטעאטער אין אלטען רוים].
colise'um *n.* (קאל-אי-סי'-אם) א קאלאסעאום [א גרויסע געביידע פאר אויסשטעלונגען, פאר טעאטער-אויפפיהרונג, פאר גרויסע פערזאמלונגען א. ד. ג.].
coli'tis *n.* (קא-לאי'-טיס) ענטצינדונג פון גרימדארם
coll *v.* (קאל) אבשניידען, אבשערען; פערשטריקען אין א נעץ, ארומכאפען ווי מיט א נעץ.
collab'orate *v.* (קא לעב'-א-רייט) מיטארבייטען [בעזאנדערס אין א ליטעראַרישער אדער וויסענשאפטליכער ארבייט].
collabora'tion *n.* (קא-לעב-א-ריי'-שאן) די מיטארבייטשאפט [בעזאנדערס אין ליטעראַרישער אדער וויסענשאפטליכער ארבייט].
collab'orator *n.* (קא-לעב'-א-ריי-טאר) א מיטארבייטער [בעזאנדערס אין ליטעראַרישער אדער וויסענשאפטליכער ארבייט].
collapse' *v.* and *n.* (קא-לעפס') 1. צוזאמענפאלען, איינפאלען; חרוב ווערען; צוזאמענברעכען [פון שוואכקייט אדער קראנקהייט]; 2. דאס איינפאלען; דאס חרוב ווערען; דאס צוזאמענברעכען [פון שוואכקייט]; 3. א פאלשטענדיגער דורכפאל [פון אן אידעע אדער אונטערנעהמונג].
1. The building collapsed before it was completed. 2. He suffered a collapse from overwork. 3. The movement for a third party in the election collapsed.
collapsed' *a.* (קא-לעפסט') איינגעפאלען, חרוב; צוזאמענגעבראכען.
collap'sible *a.* and *n.* (קא-לעפ'-סיבל) 1. וואס קען צונויפברעכען; 2. וואס מען קען צונויפקלאפען, צונויפלעגען אדער צונויפדריקען; א שיפעל וואס קען צונויפגעלעגט ווערען.
2. Collapsible drinking-cups are necessary for travelers.
collap'sion *n.* (קא-לעפ'-שאן) דאס צוזאמענפאלען, דאס צוזאמענברעכען [פון שוואכקייט].
col'lar *n.* and *v.* (קאל'-ער) א קאלנער, א קראגען; א כאמוט פון א פערד; אנטהאן א קאלנער; כאפען ביים קראגען; צונויפראלען א שטיקעל פלייש און פערבינדען.
col'lar-awl *n.* (קאל'-ער-אהל) אן אהל פון א זאטלער [רימער] מיט וועלכען עס ווערען גענעהט כאמוטען פון פערד.
col'larbags *n.* (קאל'-ער-בעגז) ווייץ-בראנד [אן אויסדארונג פון ווייץ אין וואקסען].
col'lar-beam *n.* (קאל'-ער-ביעם) א קווער-באלקען.
col'lar-block *n.* (קאל'-ער-בלאק) אזא קלעצעל וואס זעטלער [רימער] בענוצען ביים נעהען א כאמוט.
col'lar-bone *n.* (קאל'-ער-באון) דער שליסעל-ביין. ז. *clavicle*.
congeal′able *a.* (קאנ-דזשיעל′-עבל) וואס קען פערפרארען אדער פערגליווערט ווערען; וואס קען פערהארטעוועט ווערען.

congeal′ableness *n.* (קאנ-דזשיעל′-עבל-נעס) דאס קענען פערגליווערט אדער פערהארטעוועט ווערען.

congeal′edness *n.* (קאנ-דזשיעל′-עד-נעס) דאס זיין פערגליווערט אדער פערהארטעוועט.

congeal′ment *n.* (קאנ-דזשיעל′-מענט) פערפרירונג, פערגליווערונג.

con′gee *n.* and *v.* (קאנ′-דזשיע) פערנייגען זיך; אבשייד נעהמען; ענטלאסען פון אן אמט; אבשייד; ענטלאסונג; דאס וואסער אין וועלכען רייז ווערט געקאכט [אין אסט-אינדיען ווערט דאס געברויכט אלס שפייז פאר אינוואלידען].

congela′tion *n.* (קאנ-דזשי-ליי′-שאן) פערפרירונג, פערגליווערונג; א פערהארטעוועטע, פערגליווערטע אדער פערפרארענע זאך.

con′gener *n.* (קאנ′-דזשי-נער) א זאך אדער בעשעפענים וואס איז פון דעם זעלבען מין.

congener′ic *a.* (קאנ-דזשי-נער′-איק) עהנליך; וואס איז פון דעם זעלבען מין.

congener′ical *a.* (קאנ-דזשי-נער′-איק-על) ז. *congeneric*

congen′erous *a.* (קאנ-דזשענ′-ע-ראס) פון דעם זעלבען מין אדער נאטור; פון דער זעלבער אבשטאמונג.

congenet′ic *a.* (קאנ-דזשי-נעט′-איק) וואס האבען דיעזעלבע אבשטאמונג; בעשאפען געווארען אין איין צייט אדער דורך איין אורזאך.

conge′nial *a.* (קאנ-דזשיע′-ניעל) פערוואנדט, איינשטימיג אדער עהנליך איינער צום אנדערען לויט'ן געשמאק און כאראקטער; פון דער זעלבער אייגענשאפט.

congenial′ity *n.* (קאנ-דזשיע-ני-על′-אי-טי) דאס זיין עהנליך צום אנדערען לויט'ן כאראקטער אדער לויט די אייגענשאפטען.

conge′nially *adv.* (קאנ-דזשיע′-ניעל-אי) אויף דעם אופן פון עהנליכקייט אדער נאהענטקייט איינע צו די אנדערע.

congen′ital *a.* (קאנ-דזשענ′-אי-טעל) וואס עקזיסטירט פון געבורט אן; איינגעבארען; ווי א געבארענער מום.

His blindness is congenital.

congen′itally *adv.* (קאנ-דזשענ′-אי-טעל-אי) פון געבורט אן.

con′ger *n.* (קאנ′-גער) ז. *conger-eel*

con′ger-eel *n.* (קאנ′-גער-איעל) א ים-אאל-פיש [א זא שלאנגען-ארטיגער פיש].



Conger-eel

conge′ries *n.* (קאנ-דזשיע′-רי-איעז) א קופע, א מאסע, א הויפען.

congest′ *v.* (קאנ-דזשעסט′) ווערען צוזאמענגעפאקט אדער צוזאמענגעדריקט; פעראורזאכען א צונויפזאמלונג פון בלוט אין איין ארט פון קערפער.

conges′ted *a.* (קאנ-דזשעס′-טעד) 1. צוזאמענגעדריקט, שטארק צוזאמענגעפאקט; צונויפגעזאמעלט אין איין ארט; 2. אנגעלאפען מיט בלוט אדער מאטעריע.

1. Poverty and wealth, ignorance and culture, live side by side in the congested East Side of New York. 2. The lungs may be congested by cold.

conges′tion *n.* (קאנ-דזשעס′-טשאן) א צוזאמענדריקונג, א צונויפזאמלונג אין איין ארט; אנקלייבונג פון בלוט און מאטעריע אין אן ארט פון קערפער.

conges′tion of popula′tion (קאנ-דזשעס′-טשאן אוו פאפ-יו-ליי′-שאן) צונויפשפארונג, געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג.

conges′tive *a.* (קאנ-דזשעס′-טיוו) צונויפגעדריקט, צונויפגעזאמעלט אין איין ארט; וואס אנבעלאנגט די אנקלייבונג פון בלוט און מאטעריע אין קערפער.

con′giary *n.* (קאנ′-דזשי-ע-רי) די פאנאנדערטיילונג פון קארן, אויל, וויין און געלד וואס דער רוימישער קיסר פלעגט געבען במתנה דעם פאלק אדער די סאלדאטען.

con′gius *n.* (קאנ′-דזשי-אס) א זא מאס צו מעסטען פליסיגקייטען אין אלטען רוים [אן אכט-חלק פון אן אמפארא].

conglo′bate *v.* and *a.* (קאנ-גלאו′-בייט) צונויפוויקלען אין א קנויל, צוזאמענראלען; צוזאמענגעוויקעלט אין א קנויל.

congloba′tion *n.* (קאנ-גלא-ביי′-שאן) צוזאמענוויקלונג אין א קנויל; א רונדע זאך.

conglom′erate *v.*, *a.* and *n.* (קאנ-גלאמ′-ע-רייט) צוזאמענקייקלען, צונויפהויפען אין איין קופע אהן אן ארדנונג; צוזאמענגעקליבען אהן אן ארדנונג אין איין קופע; וואס בעשטעהט פון פערשיעדענע שטיקלאך שוואך צוזאמענגעקלעפט איינע מיט די אנדערע; א קאנגלאמעראט, א צוזאמענקלייבונג פון פערשיעדענארטיגע שטיקלעך שוואך צונויפגעקלעפטע איינע מיט די אנדערע; א פעלזענשטיין וואס בעשטעהט פון א מאסע פון צוזאמענגעקלעפטע שטיינדלעך, זאמד, מושלען א. ד. ג.

conglomerat′ic *a.* (קאנ-גלאמ-ע-רעט′-איק) ז. *conglomeritic*

conglomera′tion *n.* (קאנ-גלאמ-ע-ריי′-שאן) א קופע פון זאכען, וואס זיינען צוזאמענגעווארפען אהן אן ארדנונג; דאס צוזאמענהויפען אין איין מאסע; די צוזאמענקלעפונג פון פערשיעדענארטיגע שטיקלעך אין איין מאסע.

conglomerit′ic *a.* (קאנ-גלאמ-ע-ריט′-איק) וואס איז צונויפגעקייקעלט, צונויפגעקנוילט, צונויפגעוויקעלט.

conglu′tinant *a.* and *n.* (קאנ-גלוה′-טי-נענט) צוזאמענקלעפענד, פעראייניגענד; א רפואה וואס מאכט פערוואקסען א וואונד.

conglu′tinate *v.* and *a.* (קאנ-גלוה′-טי-נייט) צוזאמענקלעפען; צונויפקלייען; צוזאמענגעקלעפט, פעראייניגט.

The broken parts of the bones conglutinated within three days.

conglutina′tion *n.* (קאנ-גלוה-טי-ניי′-שאן) צוזאמענקלעפונג, פעראייניגונג.

conglu′tinative *a.* (קאנ-גלוה′-טי-נע-טיוו) וואס קען צוזאמענקלעפען אדער פעראייניגען.

conglu′tinator *n.* (קאנ-גלוה′-טי-ניי-טאר) דאס וואס קלעפט צוזאמען; א רפואה וואס פערהיילט א וואונד.

conglu′tinous *a.* (קאנ-גלוה′-טי-נאס) קלעפיג, וואס קען פערקלייען.

conglu′tinously *adv.* (קאנ-גלוה′-טי-נאס-לי) קלעפיגערהייט; דורך קלעפיגקייט.

con′go *n.* (קאנ′-גאו) א זא מין אמעריקאנער וויונע [א זא שלאנגען-פערמיגער פיש וואס לעבט אין וואסער און אויף דער יבשה]; א מין אפריקאנער טאנץ.

con′go-eel *n.* (קאנ′-גאו-איעל) ז. *congo*

con′gou *n.* (קאנ′-גו) א סארט שווארצער כינעזישער טהעע.

congrat′ulant *a.* (קאנ-גרעט′-יו-לענט) גראטולירענדיג, אבגעבענדיג מזל-טוב, ווינשענדיג גליק.

congrat′ulate *v.* (קאנ-גרעט′-יו-לייט) גראטולירען, גליקווינשען, אבגעבען מזל-טוב.

I congratulate you upon the birth of a son.

congratula′tion *n.* (קאנ-גרעט-יו-ליי′-שאן) גראטולאציאן, גליקווינשונג.

congrat′ulator *n.* (קאנ-גרעט′-יו-ליי-טאר) א גראטולירער, א גליקווינשער.

congrat′ulatory *a.* (קאנ-גרעט′-יו-ליי-טא-רי) גראטולירענדיג, גליקווינשענדיג, אבגעבענדיג מזל-טוב.

con′gregate *v.* and *a.* (קאנ′-גרי-גייט) פערזאמלען, צוזאמענקומען; זיך פערזאמלען; פערזאמעלט; וואס איז שייך צו א פערזאמלונג; ענג; פעסט.

congrega′tion *n.* (קאנ-גרי-גיי′-שאן) א רעליגיעזע געמיינדע, קהלה; א פערזאמלונג; א געמיינדע.

congrega′tional *a.* (קאנ-גרי-גיי′-שאנ-על) וואס איז שייך צו א רעליגיעזע

נעמיינדע, קהלה; וואס איז שייך צו א פערזאמלונג.

congrega'tionalism *n.* (קאנ-גרי-גיי'-שאנ-על-איזם) די זעלבסט-פערוואלטונג פון יעדער קירך בעזונדער.

Congrega'tionalism *n.* (קאנ-גרי-גיי'-שאנ-על-איזם) די פרינציפען פון דער אונאבהענגיגער אויטאנאמער קירך [א געוויסע קריסטליכע סעקטע וועלכע האט זיך צוערשט געגרינדעט אין ענגלאנד און האט זיך שפעטער שטארק פערשפרייט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. דער גרונד-פרינציפ פון דיזער סעקטע איז, אז יעדע קירך דארף עקזיסטירען זעלבסטשטענדיג און אז עס דארף ניט זיין קיין הויפט, וואס זאל שטעהן בראש פון אלע קירכען].

congrega'tionalist *n.* (קאנ-גרי-גיי'-שאנ-על-איסט) א פערזאן וואס איז אן אנהענגער פון דער זעלבסט-פערוואלטונג פון קירכען.

Congrega'tionalist *n.* (קאנ-גרי-גיי'-שאנ-על-איסט) א מיטגליעד פון דער אונאבהענגיגער אויטאנאמער קירך.
ז. *Congregationalism*.

con'gress *n.* (קאנ'-גרעס) א קאנגרעס; א צוזאמענקונפט.

Con'gress *n.* (קאנ'-גרעס) דער קאנגרעס, די געזעצגעבענדע קערפערשאפט [פארלאמענט] פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא וואס בעשטעהט פון די דירעקט געוועהלטע פאלקס-פערטרעטער און פון סענאטארען [אונטער-הויז און אויבער-הויז].

congres'sional *a.* (קאנ-גרעש'-אנ-על) וואס געהערט צו א קאנגרעס.

Congres'sional *a.* (קאנ-גרעש'-אנ-על) וואס איז שייך צו דעם קאנגרעס [פארלאמענט] פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

Con'grəssman *n.* (קאנ'-גרעס-מען) א מיטגליעד פון דעם קאנגרעס [איבערהויפט פון אונטער-הויז] פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

con'greve *n.* (קאנ'-גריוו) א מין שוועבעלע.

Con'greve rock'et (קאנ'-גריוו ראקעט) אזא גרויסער ראקעט מיט אן אייזערנעם קאפסעל, וועלכער ווערט געברויכט צום שיסען.

congrue' *v.* (קאנ-גרוה') איבעראיינקומען, מושוה ווערען.

con'gruence *n.* (קאנ'-גרו-ענס) צופאסונג; איבעראיינשטימונג; גלייכפערמיגקייט; גלייכע טיילבארקייט דורך דער זעלביגער צאהל [וועגען א געוויסע מאטעמאטישע פארמול וואס שטעלט פאר די בעציהונג פון דריי צאהלען, וואו די דיפערענץ פון צוויי ווערט געטיילט דורך די דריטע]; דאס פערנעהמען דעם גלייכען פלאץ אדער רוים [וועגען געאמעטרישע פיגורען].

con'gruency *n.* (קאנ'-גרו-ענ-סי) ז. *congruence*.

con'gruent *a.* (קאנ'-גרו-ענט) איבעראיינשטימענד; פאסענד; גלייכפערמיג; גלייך טיילבאר דורך דערזעלביגער צאהל; וואס פערנעהמט דעם גלייכען פלאץ אדער רוים [וועגען געאמעטרישע פיגורען].
ז. *congruence*.
This should be a congruent example.

con'gruently *adv.* (קאנ'-גרו-ענט-לי) אויף א צופאסענדען אופן; אין הארמאניע און איבעראיינשטימונג.

congru'ity *n.* (קאנ-גרו'-אי-טי) איבעראיינשטימונג; צופאסונג; דאס פאסען איינער צום אנדערען; די גלייכקייט פון צוויי פיגורען [אין געאמעטריע].
The congruity of the evidence was surprising.

con'gruous *a.* (קאנ'-גרו-אס) איבעראיינשטימענד; גוט צוגעפאסט; ווי אנגעמאסטען; פונקט גלייך [וועגען געאמעטרישע פיגורען]; גלייך טיילבאר [וועגען צוויי צאהלען וואס זייער דיפערענץ קען געטיילט ווערען אהן א רעסט דורך א דריטע].

con'gruously *adv.* (קאנ'-גרו-אס-לי) דורך א הארמאנישע צופאסונג; דורך איבעראיינשטימונג; אויף א פינקטליך איבעראיינשטימענדען אופן [וועגען געאמעטרישע פיגורען].

con'gruousness *n.* (קאנ'-גרו-אס-נעס) ז. *congruity*.

con'ic *n. and a.* (קאנ'-איק) וואס האט די פארם פון א קאנוס [א פיגור וואס האט די פארם פון א היטעל צוקער]; א קאנוס-שניט [א שניט וואס ווערט געמאכט דורך א קאנוס, דורך וועלכען עס בעקומט זיך א געוויסע עליפסען-פערמיגע ליניע].

con'ic-acute' *a.* (קאנ'-איק-ע-קיוט') וואס האט די פארם פון א קאנוס מיט א שארפען שפיץ.

con'ical *a.* (קאנ'-אי-קעל) וואס האט די פארם פון א קאנוס.

con'ically *adv.* (קאנ'-אי-קעל-אי) אין דער פארם פון א קאנוס.

con'icalness *n.* (קאנ'-אי-קעל-נעס) די קאנוס-פארם; דאס האבען די פארם פון א קאנוס.

con'ic frus'tum (קאנ'-איק פראס'-טאם) א שטומפפער קאנוס [א קאנוס פון וועלכען דער שפיץ איז אבגעשניטען].

conic'ity *n.* (קא-ניס'-אי-טי) דאס זיין קאנוס-פערמיג.

conicocylin'drical *a.* (קאנ-אי-קאו-סי-לינ'-דרי-קעל) קאניש; וואס האט די פארם פון א צילינדער וואס פערשמעלערט זיך פון איין ענד צום צווייטען אין דער פארם פון א קאנוס.

con'icoid *n.* (קאנ'-אי-קאיד) א מאטעמאטיש פיגור וואס בעקומט זיך דורך דעם שניט פון א קאנוס.

con'ic-o'vate *a.* (קאנ'-איק-או'-וועיט) אוואל [איי-פערמיג] און קאניש.

con'ics *n.* (קאנ'-איקס) דער מאטעמאטישער טייל וואס ווענען קאנוס-שניט [דורך וועלכען עס ווערען פארגעשטעלט געוויסע מאטעמאטישע פיגורען].

con'ic sec'tion (קאנ'-איק סעק'-שאן) א קאנוס-שניט [אין דער מאטעמאטיק — די פיגור וואס עס קומט ארויס ווען מען שניידט דורך א קאנוס].

co'nifer *n.* (קאו'-ני-פער) אזא פלאנצע אויף וועלכער עס וואקסען שישקעס (עהנליך ווי אויף די סאסנע-בוימער].

Conif'eræ *n.* (קא-ניפ'-ע-ריע) די קאניפערען, די נאדעל-בוימער [דער מין בוימער צו וועלכע עס געהערען די סאסנעס, די טאנען א. ד. ג.].

conif'erous *a.* (קא-ניפ'-ע-ראס) וואס האט שישקעס [ווי די סאסנע-בוימער]; וואס בעלאנגט צו פלאנצען אויף וועלכע עס וואקסען שישקעס.

co'niform *a.* (קאו'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון א קאנוס.
In the distance we see the coniform mountain.

coniros'ter *n.* (קאו-ני-ראס'-טער) א פויגעל וואס האט א קאנוס-פערמיגען שנאבעל.

coniros'tral *a.* (קאו-ני-ראס'-טרעל) וואס האט א קאנוס-פערמיגען שנאבעל.

Coniros'tres *n.* (קאו-ני-ראס'-טריז) דער מין פויגלען וועלכע האבען קאנוס-פערמיגע שנאבלען.

conjec'turable *a.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעבל) וואס מען קען זיך משער זיין.

conjec'tural *a.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעל) וואס איז געבויט אויף א השערה.

conjec'turalist *n.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעל-איסט) איינער, וואס בויט אויף השערות.

conjectural'ity *n.* (קאנ-דזשעק-טשו-רעל'-אי-טי) דאס מאכען השערות; דאס זיין געבויט אויף א השערה.

conjec'turally *adv.* (קאנ-דזשעק'-טשו-רעל-אי) דורך א השערה.

conjec'ture *n. and v.* (קאנ-דזשעק'-טשור) א השערה; משער זיין.
We can only conjecture on the age of the earth.

conjec'turer *n.* (קאנ-דזשעק'-טשור-ער) איינער וואס איז משער; א טרעפער.

conjoin' *v.* (קאנ-דזשאין') צוזאמענבינדען, פעראייניגען; זיך פערבינדען אין א פעראיין; זיך פעראייניגען.

conjoined' *a.* (קאנ-דזשאינד') פעראייניגט; פערבונדען.

conjoi'nedly *adv.* (קאנ-דזשאי'-נעד-לי) דורך פערבינדונג, דורך פעראייניגונג; צוזאמען; פעראייניגט.

conjoint' *a.* (קאנ-דזשאינט') פעראייניגט, פערבונדען.

conjoint'ly *adv.* (קאנ-דזשאינט'-לי) צוזאמען, פעראייניגט; דורך פעראייניגונג, דורך פערבינדונג.
Let us act conjointly.

con'jugacy *n.* (קאנ'-דזשו-גיי-סי) די בעציהונג פון זאכען וועלכע זיינען צונויפגעפארט.

con'jugal *a.* (קאנ'-דזשו-געל) וואס אנבעלאנגט צו הייראט; וואס אנבעלאנגט צו די בעציהונגען צווישען מאן און פרוי.

conjugal'ity *n.* (קאנ-דזשו-געל'-אי-טי) דאס פערהייראטע לעבען.

con'jugally *adv.* (קאנ'-דזשו-געל-אי) דורך הייראט; אויף א פערהייראטען אופן.

con'jugate *n., a. and v.* (קאנ'-דזשו-גייט) קאניוגירען, בויגען [אנגעבען אלע גראמאטישע פארמען פון א צייט-ווארט (פעל)]; פעראייניגען צוויי פערשיעדענע צעלען פון פלאנצען כדי ארויסצוברענגען א נייעם מין; פעראייניגט פארוויז; וואס שטעהען אין א וועקסעלזייטיגער אדער געגענזייטיגער בעציהונג [וועגען געוויסע צאהלען אין דער מאטעמאטיק, ווי צ. ב. $\frac{7}{3}$ און $\frac{3}{7}$ א. ד. ג.]; א ווארט וואס שטעהט אין ענגער בעציהונג מיט אן אנדערען.

con'jugated *a.* (קאנ'-דזשו-גיי-טעד) פעראייניגט פארוויז; וואס שטעהען אין א וועקסעלזייטיגער אדער געגענזייטיגער בעציהונג [וועגען געוויסע צאהלען אין מאטעמאטיק]; קאניוגירט, געבויגען [וועגען די גראמאטיקאלישע פארמען פון א צייטווארט].

conjuga'tion *n.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאן) קאניוגאציאן, נטית הפעלים, בייגונג [דאס אנגעבען אלע פארמען פון א צייט-ווארט (פעל), ווי צ. ב. פקד, פקדתי, פקדת א. ז. וו.]; א פעראייניגונג פון צוויי פערשיעדענע צעלען פון פלאנצען ארויסצו-

ברייננגען א נייעם מין; א צונויפוואקסונג פון פלאנצען=צעלען.

conjuga'tional *a.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער בייגונג פון צייט=ווערטער; וואס איז שייך צו דער פעראייניגונג פון פלאנצען=צעלען. ז. ***conjugation***

conjuga'tionally *adv.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאנ-על-אי) דורך קאניוגאציאן. ז. ***conjugation***

conjuga'tion-bod'y *n.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאן-באד'-אי) אין ביאלאגיע — א שטיקעל פראטאפלאזמע וואס איז פעראייניגט מיט אן אנדערער צום בילדען די פרוכט.

conjuga'tion-cell *n.* (קאנ-דזשו-גיי'-שאן סעל) א צעלע וואס איז פעראייניגט מיט אן אנדערער צו בילדען די פרוכט.

con'jugative *a.* (קאנ'-דזשו-גיי-טיוו) וואס איז שייך צו דער פעראייניגונג פון צוויי פערשיעדענע פלאנצען=צעלען.

conju'gial *a.* (קאנ-דזשו'-דזשי-על) ז. ***conjugal***

conjunct' *a.* (קאנ-דזשאנקט') פערבונדען, פעראייניגט.

conjunc'tion *n.* (קאנ-דזשאנק'-שאן) 1. פערבינדונג; פעראייניגונג; צוזאמענטרעפונג; די צוזאמענטרעפונג פון פלאנעטען אדער שטערען אין דעם זעלבען מערידיאן; 2. א בינד=ווארט [אין גראמאטיק].

2. The word "and" is a conjunction.

conjunc'tional *a.* (קאנ-דזשאנק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בינד=ווארט [אין גראמאטיק]; וואס איז שייך צו א פערבינדונג.

conjunc'tionally *adv.* (קאנ-דזשאנק'-שאנ-על-אי) אויף דעם אופן פון א פערבינדונג.

conjuncti'va *n.* (קאנ-דזשאנק-טאי'-ווא) דאס אינערע הייטעל פון אויגען=לעדעל וואס בעדעקט דעם אויגען=אפעל.

conjuncti'val *a.* (קאנ-דזשאנק-טאי'-וועל) וואס איז שייך צו דעם אינערען הייטעל פון אויגען=לעדעל.

conjunc'tive *a.* (קאנ-דזשאנק'-טיוו) פערבונדען, פערבינדענד; די בעדינגטע פארם פון צייט=ווערטער [די גראמאטיקאלישע פארם וואס דריקט אויס א תנאי אדער בעדינגונג];

conjunc'tively *adv.* (קאנ-דזשאנק'-טיוו-לי) צוזאמען; אין פערבינדונג.

conjunc'tiveness *n.* (קאנ-דזשאנק'-טיוו-נעס) דאס האבען די אייגענשאפט צו פערבינדען; דאס קענען פערבונדען ווערען.

conjunctivi'tis *n.* (קאנ-דזשאנק-טי-ואי'-טיס) די ענטצינדונג פון דעם אינערען הייטעל פון אויגען=לעדעל.

conjunct'ly *adv.* (קאנ-דזשאנקט'-לי) אין פערבינדונג; צוזאמען; צוזאמען מיט...

conjunct' rights (קאנ-דזשאנקט' ראיטס) געמיינשאפטליכע רעכטען [רעכטען וועלכע געהערען צו עטליכע פערזאנען צוזאמען].

conjunc'ture *n.* (קאנ-דזשאנק'-טשור) א קריטישער צושטאנד; דאס צונויפטרעפען זיך פון אומשטענדען.

conjura'tion *n.* (קאנ-דזשו-ריי'-שאן) די בעשווערונג מיט א הייליגען נאמען; דאס מאכען כשוף.

con'jure *v.* (קאנ'-דזשויר) מאכען כשוף; בעשווערען די גייסטער.

conjure' *v.* (קאנ-דזשור') בעשטווערען מיט א הייליגען נאמען; בעשווערען; דרינגענד בעטען; בעשווערען אין דעם נאמען פון גאט; זיך בינדען דורך א שבועה צוזאמען מיט אנדערע.

con'jure down (קאנ'-דזשויר דאון) בעשווערען די גייסטער, אז זיי זאלען פערשווינדען.

conjure'ment *n.* (קאנ-דזשור'-מענט) בעשווערונג; שטארקע ביטע.

con'jurer *n.* (קאנ'-דזשויר-ער) א גייסטער=בעשווערער, א מכשף, א צויבערער; א קונצען=מאכער.

con'jure up (קאנ'-דזשויר אפ) בעשווערען די גייסטער, אז זיי זאלען ארויפקומען.

con'juror *n.* (קאנ'-דזשויר-אר) ז. ***conjurer***

con'juring trick (קאנ'-דזשויר-אינג טריק) א קונץ, א פאקום.

conk *n.* (קאנק) די נאז; א פערטרויליכער אדער געהיימער שמועס.

conn *n.* and *v.* (קאן) ז. ***con***

connas'cence *n.* (קא-נעס'-ענס) געבורט פון צוויי אדער מעהר אין דער זעלבער צייט.

connas'cency *n.* (קא- נעס'-ענ-סי) ז. ***connascence***

connas'cent *a.* (קא-נעס'-ענט) אין דערזעלבער צייט געבארען.

con'nate *a.* (קאנ'-אייט) מיטגעבארען; פון דער זעלבער אבשטאמונג; פון דעם זעלבען כאראקטער; צונויפגעוואקסען [וועגען פלאנצען].

con'nate leaves (קאנ'-אייט ליעווז) צונויפגעוואקסענע בלעטער.

conna'tion *n.* (קא-ניי'-שאן) דאס זיין צוזאמענגעוואקסען פון געבורט; דאס זיין מיטגעבארען; דאס זיין פון דער זעלבער אבשטאמונג.

conna'tional *a.* (קא-ניי'-שאנ-על) פון דער זעלבער אבשטאמונג; צונויפגעוואקסען פון געבורט.

connat'ural *a.* (קא-נעטש'-או-רעל) פון דער זעלבער נאטור; עהנליך אין כאראקטער; נאהענט פערוואנדט; מיטגעבארען.

connatural'ity *n.* (קא-נעטש-או-רעל'-אי-טי) די מיטגעבארענשאפט; דאס זיין פון דער זעלבער נאטור.

connat'urally *adv.* (קא-נעטש'-או-רעל-אי) פון דער זעלבער נאטור, פון דער זעלבער אבשטאמונג; דורך מיטגעבארענשאפט.

connat'uralness *n.* (קא-נעטש'-או-רעל-נעס) ז. ***connaturality***

conna'ture *n.* (קא-ניי'-טשור) די עהנליכקייט אין דער נאטור; די גלייכקייט אין כאראקטער.

connect' *v.* (קא-נעקט') פערבינדען, צוזאמענבינדען, פעראייניגען.

The Panama Canal **connects** the Atlantic with the Pacific Ocean.

connec'tedly *adv.* (קא-נעק'-טעד-לי) דורך פערבינדונג; דורך צוזאמענהאנג.

connec'ting-link *n.* (קא-נעק'-טינג-לינק) א פערבינדונגס=גליעד [עטוואס וואס פערבינדט טיילען אין א סעריע].

The ape is considered the **connecting-link** between man and the lower animals.

connec'ting-rod *n.* (קא-נעק'-טינג-ראד) א פערבינדונגס=שטאנג [אן אייזערנער שטאנג, וועלכער פערבינדט צוויי בעוועגליכע טיילען פון א מאשין].

connec'tion *n.* (קא-נעק'-שאן) פערבינדונג; פערוואנדשאפט; בעקאנטשאפט; צוזאמענהאנג; שייכות.

I do not see the **connection** between your arguments and the question at issue.

connec'tional *a.* (קא-נעק'-שאנ-על) פערבינדענד; וואס איז שייך צו א פערבינדונג; וואס איז שייך צו א סעקטע.

connec'tive *a.* and *n.* (קא-נעק'-טיוו) פערבינדענד; וואס האט די אייגענשאפט צו פערבינדען; א בינד=ווארט.

connec'tively *adv.* (קא-נעק'-טיוו-לי) אין פערבינדונג; געמיינשאפטליך, צוזאמען.

connec'tor *n.* (קא-נעק'-טאר) איינער אדער עפעס וואס פערבינדט.

con'ner *n.* (קאנ'-ער) אן אויפזעהער, אן אינספעקטאר; א פרובירער; א פאכמאן, א ספעציאליסט; איינער וועלכער גיט בעפעהלע צום שטייערמאן ווי צו פיהרען די שיף; אזא פיש.

con'nex *n.* (קאנ'-עקס) א קאמבינאציאן פון פונקטען און ליניען, וועלכע שטעלען פאר א געאמעטרישע פיגור.

connex'ion *n.* (קא-נעק'-שאן) ז. ***connection***

connex'ional *a.* (קא-נעק'-שאנ-על) ז. ***connectional***

connex'ity *n.* (קא-נעק'-סי-טי) דאס זיין פערבונדען.

con'ning *n.* (קאנ'-אינג) דאס איינחזר'ען א לעקציאן; דאס געבען בעפעהלען צום שטייערמאן ווי צו פיהרען די שיף

connip'tion *n.* (קא-ניפ'-שאן) ספאזמעס; א היסטערישער אנפאל.

conni'vance *n.* (קא-נאי'-ווענס) דאס מאכען זיך ניט זעהענדיג אדער ניט וויסענדיג; דאס לאזען געהן ווי עס געהט; דאס קוקען דורך די פינגער.

connive' *v.* (קא-נאיוו') זיך מאכען ניט זעהענדיג אדער ניט וויסענדיג; לאזען געהן ווי עס געהט; קוקען דורך די פינגער.

In some countries the officers of the law often **connive** at the violation of the law.

conni'vent *a.* (קא-נאי'-ווענט) וואס לויפט זיך צוזאמען אין איין פונקט; וואס קומט אין בעריהרונג.

conni'ver *n.* (קא-נאי'-ווער) איינער וואס מאכט זיך ניט זעהענדיג אדער ניט וויסענדיג [איינער וואס קוקט דורך די פינגער].

conni'ving *a.* (קא-נאי'-ווינג) וואס מאכט זיך ניט זעהענדיג און ניט וויסענדיג [קוקענדיג דורך די פינגער].

connoisseur' *n.* (קאנ-אי-סויר') א קענער, א מבין [הויפטזעכליך אין קונסט].

connoisseur'ship *n.* (קאנ-אי-סויר'-שיפ) קענערשאפט, מבינות [הויפטזעכליך אין קונסט].

con'notate *v.* (קאנ'-א-טייט) צוגעבען א צווייטע בעדייטונג; צוגעבען א זאך נאך א בעדייטונג אויסער איהר אייגענע.

connota'tion *n.* (קאנ-א-טיי'-שאן) דאס צוגעבען נאך א בעדייטונג; א נעבען=בעדייטונג; דאס וואס א ווארט דריקט אויס; דאס וואס א ווארט ענטהאלט אין זיך.

conno'tative *a.* (קא-נאו'-טע-טיוו) האבענדיג נאך א בעדייטונג אויסער דער אייגענער בעדייטונג; וואס דריקט אויס א נעבען=בעדייטונג.

connote' *v.* (קא-נאוט') ז. ***connotate***

conno'tive *a.* (קא-נאו'-טיוו) ז. ***connotative***

connu'bial *a.* וואס (קא-ניו'-בי-על)
אנבעלאנגט צו הייראט.

connubial'ity *n.* (קא-ניו-בי-על'-אי-
טי) דאס זיין פערהייראט.

connu'bially *adv.* (קא-ניו'-בי-על-אי)
אויף א פערהייראטעטען אופן; ווי מאן
און ווייב.

connu'merate *v.* (קא-ניו'-מע-רייט)
צוזאמענצעהלען.

connumera'tion *n.* (קא-ניו-מע-ריי'-
שאן) די צוזאמענצעהלונג.

connutri'tious *a.* (קאנ-יו-טריש'-אס)
ארייגגעזויגען מיט דער נאהרונג; וואס
קומט פון דער נאהרונג [וועגען קראנק=
הייטען וואס שטעהען אין פערבינדונג
מיט'ן זויגען].

co'noid *a. and n.* וואס (קאו'-נאיד)
איז עהנליך צו א קאנוס אדער צו א הי=
טעל צוקער; א קאנאיד [א געוויסע גע=
אמעטרישע פיגור].

conoi'dal *a.* וואס גע= (קא-נאי'-דעל)
הערט אדער וואס איז עהנליך צו א קא=
נוס. ז. *cone*.

conoi'dally *adv.* אין (קא-נאי'-דעל-אי)
א קאנוס=פארם.

conoi'dic *a.* (קא-נאי'-דיק)
ז. *conoidal*.

conoi'dical *a.* (קא-נאי'-די-קעל)
ז. *conoidal*.

conominee' *n.* איי= (קאו-נאמ-אי-ני')
נער, וואס ווערט פארגעשלאגען אויף א
שטעלע צוזאמען מיט אן אנדערען אדער
מיט אנדערע.

conoscen'te *n.* (קאו-נאו-שענ'-טע)
ז. *cognoscente*.

con o'ver איינ'חזר'ען, (קאן או'-ווער)
אויסלערנען אויף אויסווענינ.

con'quer *v.* בעזיעגען, ביי= (קאנ'-קער)
קומען, איינגעהמען, מנצח זיין; געווינען
עפיס דורך א זיעג.

The general conquered the city.

con'querable *a.* וואס (קאנ'-קער-עבל)
קען בעזיעגט אדער איינגענומען ווערען.

con'querableness *n.* (קאנ'-קער-עבל-
נעס) בעזיעגבארקייט.

con'queress *n.* א זיעג= (קאנ'-קער-עס)
גערין.

con'queror *n.* א בעזיעג= (קאנ'-קער-אר)
גער, אן איינגעהמער.

con'quest *n.* א זיעג, (קאנ'-קהוועסט)
א נצחון; די בעזיעגטע אדער איינגענו=
מענע זאך; דאס געווינען [אימיצענס צו=
נייגונג].

consan'guine *a. and n.* (קאנ-סענ'-
גהווין) פון דעמזעלבען בלוט, בלוט=פער=
וואנדט; א בלוט=פערוואנדטער.

consanguin'eal *a.* (קאנ-סענ-גהווינ'-
אי-על) בלוט=פערוואנדט, פון דעם זעלבען
בלוט.

consanguin'ean *a.* (קאנ-סענ-גהווינ'-
אי-ען) ז. *consanguineous*.

consanguin'eous *a.* (קאנ-סענ-גהווינ'-
אי-אס) פון דעם זעלבען בלוט, בלוט=
פערוואנדט; פון דערזעלבער אבשטאמונג
[הויפטזעכליך פון איין פאטער און ניט
פון איין מוטער].

consanguin'ity *n.* (קאנ-סענ-גהווינ'-
אי-טי) בלוט=פערוואנדשאפט, אבשטאמונג
פון דיעזעלבע עלטערען.

con'science *n.* געוויסען; (קאנ'-שענס)
דאס בעוואוסטזיין; געוויסענהאפטינקייט,
עהרליכקייט; יושר.

con'scienceless *a.* (קאנ'-שענס-לעס)
געוויסענלאז; אהן יושר.

con'science mon'ey (קאנ'-שענס מאנ'-
אי) געוויסענס=געלד [געלד וואס איינער
בעצאהלט צו בערוהיגען זיין געוויסען,
ווי פאר א פערגעסענעם חוב, פאר גע=
גנב'עטע שטייער א. ד. ג.].

con'scienceless *a.* (קאנ'-שענס-לעס)
געוויסענסלאז, אהן געוויסען, אהן יושר.

con'science-smit'ten *a.* (קאנ'-שענס-
סמיטן) געפייניגט פון געוויסענסביסע.

con'science-strick'en *a.* (קאנ'-שענס-
סטריקן) ז. *conscience-smitten*.

conscien'tious *a.* (קאנ-שי-ענ'-שאס)
געוויסענהאפט.

He is a conscientious worker.

conscien'tiously *adv.* (קאנ-שי-ענ'-
שאס-לי) אויף א געוויסענהאפטען אופן.

conscien'tiousness *n.* (קאנ-שי-ענ'-
שאס-נעס) געוויסענהאפטינקייט.

con'scionable *a.* גע= (קאנ'-שאנ-עבל)
וויסענהאפט; יושר'דיג.

con'scionableness *n.* (קאנ'-שאנ-עבל-
נעס) געוויסענהאפטינקייט.

con'scious *a.* זעלבסט= (קאנ'-שאס)
בעוואוסט, בעוואוסטזיניג, פיהלענד.

con'scious lov'ers (קאנ'-שאס לאוו'-
ערז) געליעבטע וואס האבען זיך ערקלערט
אין ליעבע.

con'sciously *adv.* מיט (קאנ'-שאס-לי)
בעוואוסטזיין.

con'sciousness *n.* (קאנ'-שאס-נעס)
דאס בעוואוסטזיין.

conscript' *v.* נעהמען (קאנ-סקריפט')
רעקרוטען.

con'script *n. and a.* (קאנ'-סקריפט)
א רעקרוט; איינגעשריבען, רעגיסטרירט.

con'script fa'thers (קאנ'-סקריפט
פא'-טהערז) די אלט=רוימישע סענאטארען.

conscrip'tion *n.* (קאנ-סקריפ'-שאן)
דאס נעהמען רעקרוטען.

conscrip'tional *a.* (קאנ-סקריפ'-שאנ-
על) וואס איז שייך צום נעהמען רעקרוטען.

con'secrate *v.* הייליג= (קאנ'-סי-קרייט)
גען צו עפעס, מקדיש זיין; איינווייהען,
מחנך זיין.

The first Jewish temple was consecrated by King Solomon.

con'secrated *a.* (קאנ'-סי-קריי-טעד)
געהייליגט, מחנך געווען, איינגעווייהט.

con'secratedness *n.* (קאנ'-סי-קריי-
טעד-נעס) דאס זיין הייליג, דאס זיין איינ=
געווייהט.

consecra'tion *n.* (קאנ-סי-קריי'-שאן)
הייליגונג צו עפעס; איינווייהונג.

I was present at the consecration ceremony of the synagogue.

con'secrator *n.* (קאנ'-סי-קריי-טאר)
איינער וואס הייליגט עפעס, איינער וואס
איז מחנך אדער ווייהט איין.

con'secratory *a.* (קאנ'-סי-קריי-טא-
רי) הייליגענד, הייליג מאכענד, איינוויי=
הענד.

con'secratory pray'er (קאנ'-סי-
קריי-טא-רי פרעהר) אן איינווייהונגס=
געבעט [א געבעט וועז עס ווערט עטוואס
איינגעהייליגט אדער ערעפענט].

consecta'neous *a.* (קאנ-סעק-טיי'-ני-
אס) וואס פאלגט אלס א נאטירליכע קאנ=
זעקווענץ.

consecu'tion *n.* (קאנ-סי-קיו'-שאן)
די בעציהונג צווישען אורזאכע און פאל=
גע; קאנזעקווענץ, שלוספאלגערונג.

consec'utive *a.* (קאנ-סעק'-יו-טיוו)
פאלגענדיג איינס נאך דעם אנדערען כסדר.

Hamlet's ghost appeared on two consecutive nights.

consec'utive chords (קאנ-סעק'-יו-
טיוו קארדס) אקארדען [אין מוזיק] וואס
קומען כסדר איינע נאך די אנדערע.

consec'utively *adv.* (קאנ-סעק'-יו-
טיוו-לי) אין דער רייהע איינס נאכ'ן אנ=
דערען; כסדר.

consen'sion *n.* איינ= (קאנ-סענ'-שאן)
שטימונג אין געדאנקען אדער געפיהלען.

consen'sual *a.* (קאנ-סענ'-שו-על)
וואס עקזיסטירט דורך די פרייוויליגע
איינשטימונג פון די צדדים; וואס ווערט
ארויסגערופען פון דער מיט=עמפפינדליכ=
קייט צווישען פערשיעדענע טיילען פון
קערפער.

consen'sus *n.* אלגע= (קאנ-סענ'-סאס)
מיינע איינשטימינקייט; איינשטימינקייט,
איינינקייט; אלגעמיינע מיינונג.

consen'sus of opin'ion (קאנ-סענ'-
סאס אוו א-פינ'-יאן) די אלגעמיינע מיי=
נונג.

The consensus of opinion of the meeting was in favor of the candidate.

consent' *v. and n.* 1. איינ= (קאנ-סענט')
וויליגען, צושטימען, מסכים זיין; 2. איינ=
וויליגונג, צושטימונג; הסכמה.

1. Will he consent? 2. He gave his consent to their marriage.

consentane'ity *n.* (קאנ-סענ-טע-ני'-
אי-טי) איבעראיינשטימונג.

consenta'neous *a.* (קאנ-סענ-טיי'-ני-
אס) איבעראיינשטימענד, צושטימענד,
פאסענד, צוגעפאסט.

consenta'neously *adv.* (קאנ-סענ-
טיי'-ני-אס-לי) דורך צופאסונג; דורך
איינשטימונג; דורך נאכגעבען.

consenta'neousness *n.* (קאנ-סענ-
טיי'-ני-אס-נעס) דאס צושטימען, דאס אי=
בעראיינשטימען; דאס זיין פאסיג; דאס
נאכגעבען.

consen'ter *n.* דער (קאנ-סענ'-טער)
וואס וויליגט איין, וואס שטימט צו.

consen'tient *a.* (קאנ-סענ'-שיענט)
איינשטימיג, גלייכפערמיג.

con'sequence *n.* (קאנ'-סי-קהווענס)
1. פאלגע, קאנזעקווענץ, שלוס, שלוס=פאל=
גערונג; דאס וואס קומט ארויס פון א
טהאט; דאס וואס עס ווערט ארויסגע=
דרונגען פון עטוואס; 2. בעדייטונג, וויכ=
טיגקייט.

1. The consequence of all this was, that we were all satisfied. 2. He is a man of no consequence.

con'sequences *n.* (קאנ'-סי-קהווענס-
עז) רעזולטאטען, פאלגען; א שפיעל, אין
וועלכער איינער פון די שפיעלער שרייבט
אן א נאמען. דער צווייטער א בייווארט,
דער דריטער א צייט=ווארט [א פעל],
יעדער שרייבט פאר זיך אזוי אז די אנ=
דערע זאלען ניט וויסען, וואס ער שרייבט,
און צו ענדע לייענט מען איבער דיא פרא=
זע, וואס ווערט צונויפגעשטעלט פון אלע=
מענס ווערטער.

con'sequent *a. and n.* (קאנ'-סי-
קהווענט) קאנזעקווענט, אויסגעהאלטען;
פאלגענד; וואס איז געדרונגען פון עטוואס;
ציהענדיג שליסע אדער דרינגענדיג פון איין
זאך אויף א צווייטער, אן ארויסגעדרונ=
גענער שלוס.

consequen'tial *a.* (קאנ-סי-קהווענ'-
שעל) וואס פאלגט פון א טהאט; וואס מוז
געדרונגען ווערען פון א בעהויפטונג;
בעדייטענד, וויכטיג; וואס מאכט אן אנ=
שטעל; איינגעבילדעט ביי זיך.

consequential'ity *n.* (קאנ-סי-קהווענ-
שעל'-אי-טי) גדלות, גאוה; וויכטיגקייט;
שלוס=פאלגערונג.

consequen'tial los'ses (קאנ-סי-
קהווענ'-שעל לאס'-עז) א שאדען, וואס
קומט ניט דירעקט פון דער זאך, פאר

וועלכער מען קלאַגט איינעם אין געריכט, נאָר אַלס רעזולטאַט פון דעם קלאָגען.

consequen'tially *adv.* (קאַנ-סי-קהווענ'-שעל-אי) אַלס פאָלגע; פאָלגענדיג אין געהעריגער אָרדנונג; שפּעטער; נאָכדעם; אויף אַן אונאונטערבראָכענעם אופן; מיט איינבילדונג; מיט אַן אָנשטעל; מיט וויכטיגקייט.

consequen'tialness *n.* (קאַנ-סי-קהווענ'-שעל-נעס) גאוה; דאָס מאַכען אַן אָנשטעל; גדלות.

con'sequently *adv.* (קאַנ'-סי-קהווענט-לי) פאָלגליך, ממילא, דעריבער.

con'sequentness *n.* (קאַנ'-סי-קהווענט-נעס) אַ לאָגישער צוזאַמענהאַנג.

conser'tion *n.* (קאַנ-סויר'-שאַן) דאָס צופּאַסען, דאָס צוזאַמענפּאַסען.

conser'vable *a.* (קאַנ-סויר'-וועבל) וואָס קען אַבגעהיט ווערען פון קאַליע ווערען אָדער פון בעשעדיגט ווערען.

conser'vancy *n.* (קאַנ-סויר'-וועג-סי) די אויפהאַלטונג, די אַבהיטונג, די בעשיצונג.

conser'vant *a.* (קאַנ-סויר'-וועגט) אויפהאַלטענדיג; אַבהיטענדיג; בעשיצענדיג.

conserva'tion *n.* (קאַנ-סויר-וויי'-שאַן) דאָס אויפהאַלטען; דאָס אַבהיטען; דאָס בעשיצען.

Forest planting is only one of the methods of **conservation** of our natural resources.

Conserva'tion Move'ment (קאַנ-סויר-וויי'-שאַן מוהוו'-מענט) די בעוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ אַבצוהיטען פון פערניכטונג די נאַטירליכע רייכטימער פון לאַנד ווי וועלדער, וואַסערקראַפט א. ד. ג.

conserva'tion of en'ergy (קאַנ-סויר-וויי'-שאַן אָוו ענ'-ער-דזשי) די אויפהאַלטונג פון ענערגיע [דאָס געזעץ פון דער נאַטור, אַז קיין ענערגיע געהט ניט פערלאָרען, אַז די סומע ענערגיע וואָס אויף דער וועלט איז פאַראַן איז אימער דיזעלבע, נאָר זי בייט איהרע פאָרמען].

conser'vatism *n.* (קאַנ-סויר'-ווע-טיזם) קאָנזערוואַטיזם, די נייגונג אָנצוהאַלטען אַלטע איינריכטונגען; די געגנערשאַפט צו נייע איינפיהרונגען און ענדערונגען; די פּרינציפּען פון אַ קאָנזערוואַטיווער פּאַרטיי.

conser'vative *a. and n.* (קאַנ-סויר'-ווע-טיוו) אַבהיטענדיג, בעשיצענדיג פון קאַליע ווערען אָדער פון בעשעדיגט ווערען; וואָס איז געגען נייע איינריכטונגען [געזעלשאַפטליכע, פּאָליטישע און רעליגיעזע]; שטאַנדהאַפט; אַ קאָנזערוואַטיווער מענש.

Conser'vative *n. and a.* (קאַנ-סויר'-ווע-טיוו) אַ מיטגליעד פון דער קאָנזערוואַטיווער פּאַרטיי [בעזאָנדערס אין ענגלאַנד]; וואָס איז שייך צו דער קאָנזערוואַטיווער פּאַרטיי אָדער איהרע מיטגליעדער.

conser'vatively *adv.* (קאַנ-סויר'-ווע-טיוו-לי) אויף אַ קאָנזערוואַטיווען אופן.

conser'vativeness *n.* (קאַנ-סויר'-ווע-טיוו-נעס) קאָנזערוואַטיזם; די בעשטרעבונג אויפצוהאַלטען און אַבצוהיטען.

con'servator *n.* (קאַנ'-סויר-ויי-טאָר) אַ פערהיטער, אַ בעשיצער; אַן אויפזעהער.

He is a **conservator** of the peace.

conser'vatory *a. and n.* (קאַנ-סויר'-ווע-טאָ-רי) וואָס קען פערהיטען עפּיס פון קאַליע ווערען אָדער פון בעשעדיגט ווערען; אַ פּלאַץ, וואו מען קען האַלטען זאַכען אַזוי, אַז זיי זאָלען ניט קאַליע ווערען און ניט בעשעדיגט ווערען [מעהרסטענטייל אַ פּלאַץ פאַר פּלאַנצען, אַן אָראַנזשעריי]; אַ קאָנזערוואַטאָריע [אַ מוזיקשוהל]; אַ שוהל.

conserve' *v.* (קאַנ-סורוו') קאָנזערווירען, איינמאַכען פרוכטען, מאַכען איינגעמאַכץ; בעשיצען; אויפהאַלטען, אַבהיטען.

con'serve *n.* (קאַנ'-סורוו) איינגעמאַכטע פרוכט [איינגעצוקערטע פרוכט אַז עס זאָל קענען לאַנג שטעהן].

conser'ver *n.* (קאַנ-סויר'-ווער) ערהאַלטער, היטער, שיצער; דער וואָס מאַכט איין פרוכטען.

consid'er *v.* (קאַנ-סיד'-ער) בעטראַכטען; נאָכדענקען; אונטערזוכען; אַכטען; נעהמען אין אָנבעטראַכט; בעלוינען פאַר געוויסע דיענסטע; בעטראַכטען אַלס...

We must **consider** the possible obstacles, as well as the expected advantages of the plan.

consid'erable *a.* (קאַנ-סיד'-ער-עבל) בעדייטענד, וויכטיג; בעמערקענסווערטה; בעדייטענד אין צאָהל אָדער מאָס.

A **considerable** crowd was assembled in front of the hall.

consid'erableness *n.* (קאַנ-סיד'-ער-עבל-נעס) וויכטיגקייט.

consid'erably *adv.* (קאַנ-סיד'-ער-ע-בלי) אויף אַ בעמערקענסווערטהען אופן; אין אַ בעדייטענדען גראַד.

consid'er apart' (קאַנ-סיד'-ער ע-פּאַרט') בעטראַכטען בעזונדער, אויסערהאַלב עטוואָס.

consid'erate *a.* (קאַנ-סיד'-ער-אייט) אַכטענדיג אַ צווייטענ'ס געפיהלען; אויפמערקזאַם, ערנסט, ניט שטרענג, פריינדליך, גוטמוטיג.

He is **considerate** in his dealings with his clerks.

consid'erately *adv.* (קאַנ-סיד'-ער-אייט-לי) 1. מיט איבערלעגונג; נעהמענדיג אין בעטראַכט; 2. מיט העפליכקייט אָדער פריינדליכקייט.

2. He very **considerately** offered me his umbrella.

consid'erateness *n.* (קאַנ-סיד'-ער-אייט-נעס) איבערלעגונג; פאַרזיכטיגקייט; דאָס אַכטען יענעמ'ס געפיהלען; דאָס נעהמען אין בעטראַכט יענעמ'ס אומשטענדען.

considera'tion *n.* (קאַנ-סיד-ע-ריי'-שאַן) בעטראַכטונג, איבערלעגונג; אַכטונג, אָנבעטראַכט; בעלוינונג; בעדייטונג, וויכטיגקייט; אָנזעהן; איינפלוס; ריקזיכט; די סומע אָדער זאַך וואָס ווערט אין אַ קאָנטראַקט פעסטגעשטעלט אַלס אַ בעלוינונג פאַר עטוואָס.

consid'erative *a.* (קאַנ-סיד'-ער-איי-טיוו) איבערלעגט, פאַרזיכטיג, בעטראַכט.

consid'ering *a.* (קאַנ-סיד'-ער-אינג) בעטראַכטענד; נעהמענדיג אין אָנבעטראַכט.

consid'ering cir'cumstances (קאַנ-סיד'-ער-אינג סויר'-קאַמ-סטענס-עז) לויט די אומשטענדען.

He did well, **considering** the **circumstances**.

consid'eringly *adv.* (קאַנ-סיד'-ער-אינג-לי) מיט איבערלעגונג.

consid'er yourself' at home (קאַנ-סיד'-ער יור-סעלף' עט האום) מאַך זיך ווי ביי זיך אין דער היים; פיהל זיך היימיש.

consign' *v.* (קאַנ-סאַין') איבערטראָגען צו אימעצען; צושיקען; אָנפערטרויען; איינוויליגען, ווידמען, בעשטימען.

consig'natary *n.* (קאַנ-סיג' נע-טיי-רי) אַ פּערזאָן, צו וועלכער עפּיס ווערט איבערגעטראָגען אָדער איבערגעגעבען; אַן אַגענט.

consigna'tion *n.* (קאַנ-סיג-ניי'-שאַן) איבערטראָגונג, איבערגעבונג; אונטערצייכנונג; דאָס איינלעגען ביי אַ דריטער פּערזאָן געלד, איבער וועלכען צוויי מענשען קריגען זיך.

consig'natory *n.* (קאַנ-סיג'-נע-טאָ-רי) איינער, וואָס שרייבט זיך אונטער אויף אַ דאָקומענט צוזאַמען מיט אַנדערע.

consig'nature *n.* (קאַנ-סיג'-נע-טשור) די פולע אונטערשריפט; איינעמ'ס אונטערשריפט, וואָס קומט צוזאַמען מיט אַנדערע אונטערשריפטען.

con'signe *n.* (קאַנ'-סאַין) בעפעהלע; ספּעציעלע בעפעהלע וואָס ווערען געגעבען צום סאָלדאַט אויף דער וואַך, אַ צייכען וואָס ווערט געגעבען דער מיליטערישער וואַך.

consigné' *n.* (קאַנ-סי-ניעי') אַן אָפיציער פון דער אַרמעע אָדער פלאָטע, וואָס ווערט בעשטראָפט דערמיט, וואָס ער טאָר ניט פערלאָזען זיין וואָהנונג [הויז אַרעסט].

consigned' goods (קאַנ-סאַינד' גודז) סחורה געגעבען צו פערקויפען אויף קאָמיסיאָן.

consigned' mon'ey (קאַנ-סאַינד' מאַנ'-אי) איינגעלעגטעס געלט.

consignee' *n.* (קאַנ-סאַי-ני') די פּערזאָן צו וועלכער עפּעס ווערט איבערגעטראָגען אָדער איבערגעגעבען; אַ געשעפטס-אַגענט.

consig'ner *n.* (קאַנ-סאַי'-נער) איינער וואָס שיקט אָדער טרויט אָן סחורה צו אַ צווייטען.

consignif'icant *a.* (קאַנ-סיג-ניפ'-אי-קענט) גלייכבעדייטענד.

consignifica'tion *n.* (קאַנ-סיג-ני-פי-קיי'-שאַן) גלייכע בעדייטונג.

consignif'icative *a. and n.* (קאַנ-סיג-ניפ'-אי-קיי-טיוו) גלייכבעדייטענד; עטוואָס וואָס האָט אַ גלייכע בעדייטונג.

consign'ment *n.* (קאַנ-סאַינ'-מענט) סחורה וואָס ווערט אָנפערטרויט אַן אַגענט צום פערקויפען; אַ פּראַכט בריעף אָדער דאָקומענט, דורך וועלכען מען גיט איבער אָדער מען פערטרויט אַ געשעפטס-אַגענט סחורה.

consign'ment account' (קאַנ-סאַינ'-מענט ע-קאַונט') פאַקטורען-רעכנונג; אַ רעכנונג וועגען טראַנספּאָרט סחורה וועלכע ווערט געשיקט צו אַ געשעפטס-אַגענט.

consign'ment in spe'cie (קאַנ-סאַינ'-מענט אין ספּי'-שיע) דאָס איבערשיקען מזומן געלט.

consign'ment of goods (קאַנ-סאַינ'-מענט אָוו גודז) דאָס איבערשיקען סחורה; אַ טראַנספּאָרט סחורה.

consig'nor *n.* (קאַנ-סאַי'-נאָר) איינער וואָס שיקט אָדער טרויט אָן סחורה צו אַן אַנדערען.

consign' to si'lence (קאַנ-סאַין' טו סאַי'-לענס) בעגראָבען אויף אייביג.

consign' to wri'ting (קאַנ-סאַין' טו ראַי'-טינג) אויפשרייבען, פערצייכנען.

consil'iary *a.* (קאַנ-סיל'-אי-איי-רי) בעראַטהענד; וואָס איז שייך צו אַ בעראַטהונג.

consil'ience *n.* (קאַנ-סיל'-אי-ענס) צוזאַמענקונפט; צוזאַמענטרעפונג.

consil'ient *a.* (קאַנ-סיל'-אי-ענט) וואָס שטימט איין; פּאַסענד; וואָס טרעפט זיך צונויף.

consim'ilar *a.* (קאַנ-סימ'-אי-לער) עהנליך.

consimil'itude *n.* (קאַנ-סי-מיל'-אי-טיוד) געמיינזאַמע עהנליכקייט.

consist' *v.* (קאַנ-סיסט') צובעשטעהן;

זאמענהאלטען; זיין; הארמאנירען; זיין
אין איינשטימונג; זיין צוזאמענגעשטעלט
פון טיילען.

consis'tence *n.* (קאנ-סיס'-טענס)
איינשטימונג; פעסטקייט; געדיכטקייט;
צוזאמענהאלטונג; צוזאמענזעצונג; דויער;
שטאנדהאפטיגקייט; בעשטאנד; הארמא-
ניע; די הארמאנירענדע פערבינדונג פון
די טיילען אין דעם גאנצען; די נאטור,
דער כאראקטער, דער צושטאנד פון עט-
וואס; איינהייטליכקייט, גלייכמעסיגקייט;
קאנזעקווענץ.

consis'tency *n.* (קאנ-סיס'-טענ-סי)
ז. *consistence*.

consis'tent *a.* (קאנ-סיס'-טענט) קאנ-
זעקווענט; פעסט; וואס איז אין איינ-
קלאנג; טריי צו זיך זעלבסט; אויסגע-
האלטען; שטאנדהאפט.
His opposition to the plan was consistent throughout.

consis'tently *adv.* (קאנ-סיס'-טענט-
לי) אויף א קאנזעקווענטען שטייגער;
מיט שטאנדהאפטיגקייט; אין איינקלאנג.
To command confidence, a man must act consistently.

consisto'rial *a.* (קאנ-סיס-טאו'-רי-על)
וואס איז שייך צו דער אספה פון גייסט-
ליכע וואס פערוואלטען די קירך.

consisto'rian *a.* (קאנ-סיס-טאו'-רי-
ען) ז. *consistorial*.

consis'tory *n.* and *a.* (קאנ-סיס'-טא-
רי) א קירכען-פערוואלטונג; אן אספה פון
גייסטליכע; א קירכליכער געריכט; וואס
אנבעלאנגט צו א קירכען-פערוואלטונג
אדער א קירכען-געריכט.

conso'ciate *v.* (קאנ-סאו'-שי-אייט) צו-
זאמענברייננגען א בעראטונג פון קירכען-
פערטרעטער; פעראייניגען; פערזאמלען.

consocia'tion *n.* (קאנ-סאו-שי-איי'-
שאן) א קערפערשאפט פון קירכען-פער-
טרעטער; א סינאד.

consocia'tional *a.* (קאנ-סאו-שי-איי'-
שאן-על) וואס אנבעלאנגט א קערפער-
שאפט פון קירכען-פערטרעטער.

conso'lable *a.* (קאנ-סאו'-לעבל)
טרייסטבאר.

consola'tion *n.* (קאנ-סא-ליי'-שאן)
טרייסט, נחמה.
The memory of a heroic death is sometimes the best consolation for the living.

consola'tion match (קאנ-סא-ליי'-
שאן מעטש) א וועט-קאמפף, אין וועל-
כען עס נעהמען אנטייל פערזאנען, וואס
האבען פערלארען אין א פריהעריגען וועט-
קאמפף און וואס ווערט פעראנשטאלט צו
ערמוטיגען די אנטייל-נעהמער.

consola'tion race (קאנ-סא-ליי'-שאן
רייס) ז. *consolation match*.

consol'atories *n.* (קאנ-סאל'-ע-טא-
ריז) א טרייסט-בריעף, א טרייסט-רעדע.

consol'atory *a.* (קאנ-סאל'-ע-טא-רי)
טרייסטענד.

con'sole *n.* (קאנ'-סאול)
א קאנזאל, אזא פערציערטע
אונטערשפארע, וואס האלט
אונטער א באלקען אדער גע-
זימס; א לייסט וואס האלט
אונטער א מאשין.

Console

console' *v.* (קאנ-סאול')
טרייסטען.

conso'ler *n.* (קאנ-סאו'-
לער) א טרייסטער.

con'sole-ta'ble *n.* (קאנ'-סאול-טייבל)
א טיש, וואס די פיס זיינען אויסגע-
שניצט ווי קאנזאלען [שפיעגעל-טיש].

consol'idant *a.* and *n.* (קאנ-סאל'-
אי-דענט) בעפעסטיגענד; וואס פערהיילט
וואונדען; א מיטעל צו פערהיילען וואונדען.

consol'idate *v.* (קאנ-סאל'-אי-דייט)
בעפעסטיגען, מאכען פעסט; פעראייניגען,
צונויפפרעסען; מאכען געדיכט; פעראיי-
ניגט ווערען; זיין צוזאמענגעדריקט.

consol'idated *a.* (קאנ-סאל'-אי-דיי-
טער) פעראייניגט; פעסט צונויפגעצויגען,
צוזאמענגעפרעסט.

consol'idated bonds (קאנ-סאל'-אי-
דיי-טער באנדז) קאנזאלידירטע אקציעס
[אקציעס אדער ווערטה-פאפיערען, בע-
זאנדערס פון אייזענבאהנען, וועלכע זיי-
נען געזיכערט דורך אן ערבות פון דער
גאנצער באהן-ליניע מיט אלע איהרע צוויי-
גען].

consolida'tion *n.* (קאנ-סאל-אי-דיי'-
שאן) פעסט-מאכונג; פעראייניגונג; דאס
צונויפציהען זיך אין א קאמפאקטע מא-
סע; דאס ווערען פעראייניגט.
All the gas companies in the city entered into the consolidation.

consolida'tion locomo'tive (קאנ-
סאל-אי-דיי'-שאן לאו-קא-מאו'-טיוו) א
לאקאמאטיוו צו פיהרען שווערע פראכט-
צוגען.

consolida'tion of ac'tions (קאנ-
סאל-אי-דיי'-שאן אוו עק'-שאנז) דאס
פעראייניגען צוויי אדער עטליכע געריכטס
פראצעסען אין איינעם [אין פאל ווען
איינער און דערזעלבער אנקלאגער איז
איינער און דערזעלבער צייט האט אריינ-
געטראגען עטליכע אנקלאגען אויף איי-
נעם און דעמזעלבען מענשען].

consol'idative *a.* (קאנ-סאל'-אי-דיי-
טיוו) וואס קען פעסט מאכען אדער פער-
אייניגען; וואס קען פערהיילען א וואונד.

con'sols *n.* (קאנ'-סאלז) די ענגלישע
דריי-פראצענטיגע שטאאטס-ווערטה פאפי-
רען, וועלכע זיינען צום ערשטען מאל
ארויסגעגעבען געווארען דורך'ן אקט פון
פארלאמענט אין יאהר 1751 צו דעקען די
חובות פון דער מלוכה.

consommé' *n.* (קאנ-סא-מיי') א בוליאן,
א ריינע שטארקע יויך פון פלייש-זאפט.

con'sonance *n.* (קאנ'-סא-נענס) א צו-
זאמענקלאנג, אן איינקלאנג פון טענער;
אן אקארד; איינשטימיגקייט, הארמאניע,
אחדות.

con'sonancy *n.* (קאנ'-סא-נענ-סי)
ז. *consonance*.

con'sonant *n.* and *a.* (קאנ'-סא-נענט)
הארמאנירענד; איינשטימענד; וואס איז
שייך צו א קאנסאנאנט; א קאנסאנאנט
[אן אות וואס קען ניט ארויסגעשפראכען
ווערען אהן א וואקאל, ווי: ב, ג, ד].
B, C, D are consonants.

con'sonantal *a.* (קאנ'-סא-נענ-טעל)
וואס געהערט צו א קאנסאנאנט.
ז. *consonant*.

con'sonantly *adv.* (קאנ'-סא-נענט-לי)
הארמאניש; איינשטימענד; אין איינ-
קלאנג.

con'sonantness *n.* (קאנ'-סא-נענט-
נעס) די איבעראיינשטימונג; דאס זיין
אין איינקלאנג.

con'sort *n.* (קאנ'-סארט) א חבר; א
שותף; א מיט-ברודער; דער מאן אדער
דאס ווייב; א פעראייניגונג; א שיף וואס
בעגלייט א צווייטע שיף.

consort' *v.* (קאנ-סארט') פעראייניגען
זיך; בעהעפטען זיך; זיין בחברותא.
A young man should not consort with idlers.

con'sortship *n.* (קאנ'-סארט-שיפ) גע-
נאסענשאפט, חברותא.

con'sound *n.* (קאנ'-סאונד) די בייז-
וואורץ [א מין פלאנצע].

conspec'tus *n.* (קאנ-ספעק'-טאס) א-
לגעמיינער איבערבליק [איבער דעם גאנ-
צען געגענשטאנד]; א קאנספעקט, א קיצור
[פון א ווערק אדער ווערקע].

conspic'uous *a.* (קאנ-ספיק'-יו-אס)
אנזיכטיג; אנגעזעהען; דייטליך; וואס
ווארפט זיך אין די אויגען.
He occupies a conspicuous position in the business world.

conspic'uously *adv.* (קאנ-ספיק'-יו-
אס-לי) קלאר, דייטליך; אויף א וויכטי-
גען אדער אנגעזעהענעם אופן.

conspic'uousness *n.* (קאנ-ספיק'-יו-
אס-נעס) אנזיכטיגקייט; קלארקייט, דייט-
ליכקייט; אנגעזעהענקייט.

conspir'acy *n.* (קאנ-ספיר'-ע-סי) א
קאנספיראציע, א געהיימער בונד פון צוויי
אדער עטליכע פערזאנען צו בעגעהן א
אונגעזעצליכע זאך; א פערשווערונג; א
צוזאמענטרעפונג פון פאקטען אדער צו-
שטענדע; א פעראייניגונג צוליעב א גע-
וויסען ציעל.

conspir'ant *a.* (קאנ-ספאיר'-ענט) איינ-
טריגירענד; וואס זוכט צו מאכען א פער-
שווערונג געגען אימעצען.

conspir'ator *n.* (קאנ-ספיר'-ע-טאר)
א קאנספיראטאר, א פערשווערער, איינער
וואס געהערט צו א געהיימען בונד מיט'ן
ציעל צו בעגעהן א פערברעכען; א מיא-
טיזשניק, א בונטאווישטשיק.

conspir'atress *n.* (קאנ-ספיר'-ע-טרעס)
א קאנספיראטאריז, א פרויענצימער וואס
בעלאנגט צו א געהיימען בונד צו בעגעהן
אן אונגעזעצליכע אדער אונערלויבטע זאך.

conspire' *v.* (קאנ-ספאיר') מאכען א
פערשווערונג; זיך פעראייניגען געגען אי-
מעצען אין געהיים; איבעראיינשטימען,
מיטהעלפען איינער דעם אנדערען אין
שטרעבען צו איין ציעל [אין א פערשווע-
רונג].

conspir'er *n.* (קאנ-ספאיר'-ער) א קאנ-
ספיראטאר, איינער וואס איז פעראייניגט
מיט אנדערע אין א פערשווערונג געגען
אימעצען; א בונטאווישטשיק.

conspir'ingly *adv.* (קאנ-ספאיר'-אינג-
לי) דורך פערשווערונג; אויף א קאנספי-
ראטיווען אופן.

conspir'ing pow'ers (קאנ-ספאיר'-
אינג פאו'-ערז) צוזאמענווירקענדע קרעפ-
טע.

con'stable *n.* (קאנ'-סטעבל) א פאלי-
צייסקער, א פאליציי-בעאמטער.

con'stableship *n.* (קאנ'-סטעבל-שיפ)
דער אמט פון א פאליציסט.

constab'ulary *n.* and *a.* (קאנ-סטעב'-
יו-לע-רי) וואס געהערט צו אדער וואס
בעשטעהט פון פאליציסטען; די פאלי-
ציי.

con'stancy *n.* (קאנ'-סטענ-סי) די דויי-
ערהאפטיגקייט; די שטאנדהאפטיגקייט;
די בעשטענדיגקייט; טריישאפט, טריי-
הייט.

con'stant *a.* and *n.* (קאנ'-סטענט)
שטאנדהאפטיג; קאנסטאנט; אונפערענ-
דערליך; טריי; דויערהאפט; בעשטענ-
דיג; עטוואס וואס איז אונפערענדערליך
[א קאנסטאנטע].
He was her constant attendant at the ball.

Constantinopol'itan *n.* and *a.* (קאנ-
סטענ-טי-נא-פאל'-אי-טען) וואס איז
שייך צו דער שטאדט קאנסטאנטינאפאל

[די הויפט־שטאדט פון טירקיי]; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון קאנסטאנטינאפאל; אן איינוואהנער פון קאנסטאנטינאפאל.

con'stantly *adv.* (קאנ'-סטענט-לי) אונפערענדערליך; בעשטענדיג; מיט שטאנדהאפטיגקייט; מיט אונפערענדערליכקייט; דויערהאפט.

con'stantness *n.* (קאנ'-סטענט-נעס) ז. *constancy*.

con'stat *n.* (קאנ'-סטעט) א געריכטליכע צייגניס [אין ענגלאנד]; אן אפיציעלע אבשריפט פון א פאטענט אדער פון אן אנדער דאקומענט.

constate' *v.* (קאנ-סטייט') קאנסטאטירען, בעשטעטיגען; איבערצייגען; פעסטשטעלען.

con'stellate *v.* (קאנ'-סטע-לייט) אויספוצען מיט שטערען־בילדער; אויסשטערנען, אויסזעצען מיט שטערען.

constella'tion *n.* (קאנ-סטע-ליי'-שאן) א צוזאמענשטעלונג פון שטערען; א זאמלונג פון שעהנהייטען אדער בעריהמטהייטען [זאכען אדער מענשען].

constel'latory *a.* (קאנ-סטעל'-ע-טא-רי) וואס איז שייך צו א צוזאמענשטעלונג פון שטערען; וואס איז שייך צו א זאמלונג פון שעהנהייטען אדער בעריהמטהייטען.

consterna'tion *n.* (קאנ-סטויר-ניי'-שאן) נידערגעשלאגענהייט; א גרויסע שרעק־איבערראשונג.
The announcement of the declaration of war was received with **consternation**.

con'stipate *v.* (קאנ'-סטי-פייט) פערשטאפען; פערשטאפען דעם מאגען.

con'stipated *a.* (קאנ'-סטי-פיי-טעד) פערשטאפט; הארטלייביג.

constipa'tion *n.* (קאנ-סטי-פיי'-שאן) פערשטאפונג; מאגען־פערשטאפונג, עצירות.

constit'uency *n.* (קאנ-סטיטש'-יו-ען-סי) די וועהלערשאפט, די וואהל־מענער [די פערזאנען, וועלכע וועהלען א פערטרעטער]; א קערפערשאפט וועלכע האט אן אלגעמיינעם פערטרעטער און צו וועמען ער איז פעראנטווארטליך.
A Congressman is responsible to his **constituency**.

constit'uent *a. and n.* (קאנ-סטיטש'-יו-ענט) 1. וואס איז א בעשטאנדטייל; 2. וואס האט די מאכט צו וועהלען א פערטרעטער; 3. איינער וואס וועהלט אדער העלפט וועהלען א פאלקס־פערטרעטער; איינער וואס שטעלט אן א פערטרעטער.
1. Oxygen and hydrogen are the **constituent** parts of water. 2. He looked up to his **constituents** for re-election.

Constit'uent Assem'bly (קאנ-סטיטש'-יו-ענט ע-סעמ'-בלי) די קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג [א פערזאמלונג אויסצוארבייטען א קאנסטיטוציע פאר א לאנד, הויפטזעכליך וועגען דער פראנצויזישער קאנסטיטואירענדער פערזאמלונג פון יאהר 1789 וועהרענד דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן].

constit'uent bod'y (קאנ-סטיטש'-יו-ענט באד'-אי) א וואהל־קערפערשאפט [וועהלער].

con'stitute *v.* (קאנ'-סטי-טיוט) פעסטזעצען; גרינדען, איינארדנען; בילדען, אויסמאכען; ווערען א בעשטאנדטייל.

con'stituted *a.* (קאנ'-סטי-טיו-טעד) געגרינדעט; פעסטגעזעצט; איינגעארדנעט; אויסגעמאכט; בעשטימט; געוועהלט.

con'stituted author'ities (קאנ'-סטי-טיו-טעד אה-טהאר'-אי-טיז) די בעהערדען [די בעאמטע, נאטשאלסטווא].
The Mayor is the head of the **constituted** authorities in the city.

con'stituter *n.* (קאנ'-סטי-טיו-טער) איינער וואס בעשטימט; א גרינדער.

constitu'tion *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן) 1. א קאנסטיטוציאן [געשריבענע גרונדגעזעצען פון א לאנד אדער פון א פעראיין]; אן איינריכטונג; אן איינארדנונג; 2. דער געבוי פון קערפער; 3. דער בעשטאנד; די צוזאמענזעצונג.
1. The **constitution** of the United States of America was established in 1789. 2. The physical **constitution** of his body is all that can be desired.

constitu'tional *a. and n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על) קאנסטיטוציאנעל, וואס שטימט מיט די געשריבענע גרונד־געזעצען; וואס איז שייך צום קערפער־געבוי; וואס הענגט אב פון קערפער־געבוי אדער טעמפעראמענט; א שפאציערגאנג פאר'ן געזונד; א שנאפס פאר'ן געזונד.
He takes his **constitutional** daily.

constitu'tionalism *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-איזם) קאנסטיטוציאנעלע פרינציפען; די פרינציפען פון א קאנסטיטוציאן אדער פון א קאנסטיטוציאנעלער רעגיערונג.

constitu'tionalist *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-איסט) אן אנהענגער פון א קאנסטיטוציאנעלער פארם פון רעגיערונג; אן אנהענגער פון דער עקזיסטירענדער קאנסטיטוציאן פון א לאנד.

constitutional'ity *n.* (קאנ-סטי-טיו-שאן-על'-אי-טי) דאס זיין קאנסטיטוציאנעל.

constitu'tionalize *v.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-איז) געהן שפאציערען צוליעב דעם געזונד.

constitu'tionally *adv.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על-אי) 1. בטבע; נאך דער נייגונג; נאטירליך; לויט דעם קערפער־בוי אדער לויט טעמפעראמענט; 2. קאנסטיטוציאנעל; אין בעצוג צו דער קאנסטיטוציאן.
1. **Constitutionally**, he is a good boy. 2. Religious freedom is **constitutionally** guaranteed to the inhabitants of the United States.

constitu'tional mon'archy (קאנ-סטי-טיו'-שאן-על מאנ'-אר-קי) א קאנסטיטוציאנעלע מאנארכיע [א לאנד־וואס ווערט רעגיערט דורך א קאנסטיטוציאן אבער האט אויך א קעניג אדער א קייזער].

constitu'tionist *n.* (קאנ-סטי-טיו'-שאן-איסט) א קאנסטיטוציאנאליסט, איינער וואס האלט זיך פאר דער קאנסטיטוציאן פון לאנד.

con'stitutive *a.* (קאנ'-סטי-טיו-טיוו) וואס שטעלט פעסט; וואס בילדעט; גרונדזעכליך, וועזענטליך; וואס איז א בעשטאנדטייל; געזעצגעבענד.

con'stitutively *adv.* (קאנ'-סטי-טיו-טיוו-לי) אויף א וועזענטליכען אדער גרונדזעכליכען אופן.

con'stitutive parts (קאנ'-סטי-טיו-טיוו פארטס) בעשטאנדטיילען [די טיילען וואס שטעלען צוזאמען א גאנצע זאך].

con'stitutive pow'er (קאנ'-סטי-טיו-טיוו פאו'-ער) געזעצגעבענדע מאכט.

con'stitutor *n.* (קאנ'-סטי-טיו-טאר) איינער וואס בילדעט אויס, איינער וואס מאכט; איינער וואס פערשפרעכט צו צאהלען די חובות פון אן אנדערען.

constrain' *v.* (קאנ-סטריין') צווינגען, נויטען; אבהאלטען מיט גוואלט; הינדערען; דריקען, בינדען.

constrai'nable *a.* (קאנ-סטריי'-נעבל) וואס קען געצוואונגען ווערען; וואס קען פערהינדערט ווערען אדער צוריקגעהאלטען ווערען.

constrained' *a.* (קאנ-סטריינד') געצוואונגען; צוריקגעהאלטען.

constrainedly *adv.* (קאנ-סטריי'-נעד-לי) מיט צוריקהאלטונג; געצוואונגענערהייט.

constrai'ner *n.* (קאנ-סטריי'-נער) איינער וואס צווינגט; איינער וואס האלט צוריק.

constraint' *n.* (קאנ-סטריינט') צוריקהאלטונג; צוואנג; הינדערונג; שוועריגקייט.

constrict' *v. and a.* (קאנ-סטריקט') צוזאמענדריקען, צוזאמענציהען; בינדען; צוזאמענפרעסען; צוזאמענגעצויגען, צוזאמענגעדריקט, צוזאמענגעפרעסט.

constric'ted *a.* (קאנ-סטריק'-טעד) צוזאמענגעצויגען, צוזאמענגעדריקט, צוזאמענגעפרעסט.

constric'tion *n.* (קאנ-סטריק'-שאן) דאס צוזאמענציהען, דאס צוזאמענדריקען אדער צוזאמענפרעסען; דאס זיין צוזאמענגעדריקט אדער צוזאמענגעפרעסט.

constric'tive *a.* (קאנ-סטריק'-טיוו) וואס האט א נייגונג צוזאמענצוציהען אדער צוזאמענצודריקען.

constric'tor *n.* (קאנ-סטריק'-טאר) א צוזאמענציהער; א צוזאמענדריקער; א מין גרויסע שווארצע שלאנג פון דרום אמעריקא; דער ריזען־שלאנג [וועלכער וויקעלט זיך ארום זיין רויב און צודריקט עם].

constric'tor mus'cle (קאנ-סטריק'-טאר מאסל) דער צוזאמענציהונגס־מוסקעל.

constringe' *v.* (קאנ-סטרינדזש') צוזאמענציהען; צוזאמענדריקען.

constrin'gent *a.* (קאנ-סטרינ'-דזשענט) צוזאמענציהענד; צוזאמענדריקענד

construct' *v.* (קאנ-סטראקט') צוזאמענשטעלען פערשיעדענע טיילען אויף זייער פלאץ; בויען; צייכענען געאמעטרישע פיגורען אדער פלענער, קאנסטרואירען; צונויפשטעלען א זאץ אדער א געשיכטע.

construc'ter *n.* (קאנ-סטראק'-טער) איינער וואס בויט, א בוי־מייסטער; איינער וואס שטעלט צונויף.

construc'tion *n.* (קאנ-סטראק'-שאן) קאנסטרוקציאן, געבוי; דאס בויען; געביידע; א געאמעטרישע פיגור וועלכע איז געצייכענט לויט געגעבענע בעדינגונגען; דאס צייכענען געאמעטרישע פיגורען מיט א צירקעל און אנדערע צייכען־אינסטרומענטען; דאס צונויפשטעלען זעצע לויט די גראמאטיקאלישע כללים; א צוזאמענזעצונג; די אויסטייטשונג, די ערקלערונג.

construc'tional *a.* (קאנ-סטראק'-שאן-על) וואס איז שייך צו א קאנסטרוקציאן. ז. *construction*.

construc'tionally *adv.* (קאנ-סטראק'-שאן-על-אי) אויף א קאנסטרוקטיווען אופן, דורך קאנסטרוקציאן.

construc'tionist *n.* (קאנ-סטראק'-שאן-איסט) איינער וואס טייטשט אוים א געזעץ אדער אבמאך.

construc'tion of equa'tions (קאנ-סטראק'-שאן אוו אי-קהוויי'-שאנז) די אויפשטעלונג פון מאטעמאטישע גלייכונגען [דאס אויסשטעלען מאטעמאטישע

אויפגאבעז אין דער פארם אז זיי זאלעז קענעז געלעזט ווערעז].

construc'tion-way *n.* (קאנ-סטראק'-שאנ-הוויי) א צייטווייליגער וועג, וואס ווערט געמאכט צו פיהרען מאטעריאלען ביים בויען אן אייזענבאהן.

construc'tive *a.* (קאנ-סטראק'-טיוו) וואס קען בענוצט ווערען צום בויען אדער צום צוזאמענשטעלען; וואס איז שייך צו א קאנסטרוקציאן; וואס איז אויסגע-טייטשט געווארען.

construc'tively *adv.* (קאנ-סטראק'-טיוו-לי) אויף א קאנסטרוקטיווען אופן; דורך אויסטייטשען; דורך א לאגישען ארויסדרינגען; פאר דעם צוועק פון בויען.

construc'tiveness *n.* (קאנ-סטראק'-טיוו-נעס) די נייגונג צו קאנסטרואירען, די נייגונג עפעס אויסצובויען אדער צו-זאמענצושטעלען.

construc'tive works (קאנ-סטראק'-טיוו הוואירקס) קונסט-געביידען; אייזענ-באהנען אדער בריקען-בוי.

construc'tor *n.* (קאנ-סטראק'-טאר) ז. *constructer*.

construc'ture *n.* (קאנ-סטראק'-טשור) דאס רעכט, לויט'ן ענגלישען געזעץ, פון אן איינגענטימער פון א הויז, וועלכער האט פערבויט אין איהר מאטעריאלען, וואס בע-לאנגען צו אן אנדערען, צו האלטען דיזע מאטעריאלען פאר זיינע אייגענע נאכ-דעם ווי ער האט בעצאהלט פאר זיי זייער פריהערען אייגענטימער.

con'strue *v.* (קאנ'-סטרוה) איבערזע-צען, אויסטייטשען, ערקלערען; צונויפ-שטעלען א זאץ לויט די כללים פון גראַ-מאטיק.

Judges of the Supreme Court of the United States are called upon to **construe** the constitution.

consubstan'tial *a.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל) וואס האט דיזעלביגע נאטור; וואס בעשטעהט פון איין עצם [וועזען].

consubstan'tialism *n.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל-איזם) דאס קריסטליכע גלויי-בען, אז יעזוס קריסטוס און גאט איז איין און דערזעלביגער עצם [וועזען]; דאס קריסטליכע גלויבען וועגען דער פעראייניגונג פון דעם הייליגען ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל מיט דעם בלוט און פלייש פון קריסטוס.
ז. *consubstantiation*.

consubstan'tialist *n.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל-איסט) איינער וואס גלויבט אין די קריסטליכע דריי איינינקייט [פון פאטער, זוהן און הייליגער גייסט].

consubstantial'ity *n.* (קאנ-סאב-סטענ-שי-על'-אי-טי) דאס זיין פון איין עצם [וועזען]; דאס זיין פון איין נא-טור.

consubstan'tially *adv.* (קאנ-סאב-סטענ'-שעל-אי) זייענדיג פון איין עצם [וועזען] אדער פון איין נאטור.

consubstan'tiate *a.* (קאנ-סאב-סטענ'-שי-אייט) ז. *consubstantial*.

consubstantia'tion *n.* (קאנ-סאב-סטענ-שי-איי'-שאן) דאס גלויבען פון גע-וויסע קריסטליכע סעקטען, אז דאס היי-ליגע ברויט און וויין פון הייליגען אבענד-מאהל און דאס פלייש און בלוט פון קריס-טוס האבען נור אינערליכע פערבינדונגען מיטאיינאנדער, אבער דאס ברויט און וויין ווערט ניט פערוואנדעלט אין בלוט און פלייש פון קריסטוס, אין געגענזאץ צו דעם גלויבען פון די קאטוילוקען, וואס בעהויפטען, אז דאס הייליגע ברויט און וויין ווערט פערוואנדעלט אין בלוט און פלייש פון קריסטוס.

con'suetude *n.* (קאנ'-סהווי-טיוד) זיי-טע, מנהג; דאס צו וואס איינער איז צו-געוועהנט; א שטענדיגע חבר'שאפט.

consuetu'dinal *a.* (קאנ-סהווי-טיו'-די-נעל) געוועהנליך, לויט'ן מנהג.

consuetu'dinary *a.* (קאנ-סהווי-טיו'-די-נע-רי) געוועהנליך, לויט'ן מנהג.

con'sul *n.* (קאנ'-סאל) א קאנסול, אן אגענט פון א מלוכה אין אן אויסלענדי-שער שטאדט צו בעשיצען די בירגער פון זיין מלוכה און פערטיידיגען זייערע אינ-טערעסען; איינער פון די צוויי הויפט-בעאמטע אין דער אלטער רוימישער רע-פובליק; איינער פון די דריי הויפט-בע-אמטע אין דער פראנצויזישער רעפובליק פון יאהר 1799 ביז 1805.

con'sular *n.* and *a.* (קאנ'-סיו-לער) וואס געהערט צו א קאנסול; א געוועזע-נער קאנסול, אדער דער טיטול קאנסול אהן אן אמט אין אלטען רוים; א גוי-בערנאטאר פון א פראווינץ פון דער אלט-רוימישער מלוכה.

con'sulate *n.* (קאנ'-סיו-לייט) א קאנ-סולאט, דאס אמט פון א קאנסול; די גיי-טער וואס בעלאנגען צום קאנסול; א מלוכה וואס ווערט רעגירט דורך קאנסו-לען.

con'sul-gen'eral *n.* (קאנ'-סאל-דזשענ'-ע-רעל) גענעראל-קאנסול [א בע-אמטער פון מיניסטעריום פון אויסערען, וועלכער האט די אויפזיכט איבער אלע קאנסולאטען אין א פרעמדער מדינה].

con'sulship *n.* (קאנ'-סאל-שיפ) דאס אמט און ווירדע פון א קאנסול.

consult' *v.* (קאנ-סאלט') זיך בעראטען, זיך מישב זיין; בעטראכטען; פרעגען אן עצה.

I shall **consult** my advisers before giving my decision.

consul'table *a.* (קאנ-סאל'-טעבל) מיט וועלכען מען קען זיך אן עצה האלטען.

consul'tant *n.* (קאנ-סאל'-טענט) א קאנסולטאנט, א דאקטאר וואס ווערט איינגעלאדען צו א צווייטען דאקטאר מיישב צו זיין זיך מיט איהם וועגען א קראנקען.

consul'tary *a.* (קאנ-סאל'-טע-רי) וואס איז שייך צו א בעראטונג.

consulta'tion *n.* (קאנ-סאל-טיי'-שאן) א ישוב הדעת; נאכדענקונג; א בערא-טונג.

consul'tative *a.* (קאנ-סאל'-טע-טיוו) וואס איז שייך צו א בעראטונג; וואס קען געבען אן עצה.

consul'tatory *a.* (קאנ-סאל'-טע-טא-רי) בעראטענד.

consul'ter *n.* (קאנ-סאל'-טער) איינער וואס פרעגט אן עצה אדער אויסקינפטע וועגען א זאך.

consul'ting room (קאנ-סאל'-טינג רוהם) אונטערזוכונגס-צימער [פון א דאק-טאר].

consul'tive *a.* (קאנ-סאל'-טיוו) וואס איז שייך צו א בעראטונג; וואס איז בע-שלאסען געווארען נאך א ישוב הדעת; וואס איז גוט בעטראכט געווארען.

consult' one's pil'low (קאנסאלט' וואנז פיל'-או) זיך בעראטען מיט דער קיי-שען [דורכשלאפען זיך און אויפשטעהן מיט א קלארען קאפ צו בעטראכטען א זאך].

consul'tor *n.* (קאנ-סאל'-טאר) ז. *consulter*.

consu'mable *a.* (קאנ-סיו'-מעבל) וואס קען פערצעהרט ווערען.

consu'mable by fire (קאנ-סיו'-מעבל באי פאיר) וואס קען פערברענט ווערען.

consume' *v.* (קאנ-סיום') פערצעהרען; פערברויכען; אויסבריינגען; אויסנוצען; פערניכטען; פערצעהרט ווערען, פערניכ-טעט ווערען.

We **consume** more wheat than any other country in the world.

consu'medly *adv.* (קאנ-סיו'-מעד-לי) געוואלטיג, מעכטיג.

consu'mer *n.* (קאנ-סיו'-מער) א פער-צעהרער, א פערברויכער.

consu'mingly *adv.* (קאנ-סיו'-מינג-לי) דורך פערצעהרונג.

consum'mate *a.* (קאנ-סאמ'-עט) פאל-קאמען; געבראכט צום העכסטען פונקט; צוגעפיהרט צום ענד-ציעל.

The negotiations were conducted with **consummate** skill.

con'summate *v.* (קאנ'-סאמ-אייט) פאלקאמען מאכען; ברייינגען צום העכ-סטען פונקט; צופיהרען צום ענד-ציעל.

The negotiations for the treaty were at last **consummated**.

consum'mate fool (קאנ-סאמ'-עט פוהל) א שוטה מופלג, א גרויסער טיפוש.

consum'mately *adv.* (קאנ-סאמ'-עט-לי) אויף א פאלשטענדיגען אופן.

consumma'tion *n.* (קאנ-סא-מיי'-שאן) פערפאלקאמענונג; ענדע; שלום פון א זאך.

consum'mative *a.* (קאנ-סאמ'-ע-טיוו) וואס איז פערפאלקאמט; וואס איז פערענדיגט.

con'summator *n.* (קאנ'-סא-מאי-טאר) איינער וואס פערפאלקאמט; איי-נער וואס פערענדיגט.

consump'tion *n.* (קאנ-סאמפ'-שאן) שווינדזוכט, אויסצעהרונג; דאס פערברוי-כען; פערצעהרונג; פערניכטונג.

consump'tive *n.* and *a.* (קאנ-סאמפ'-טיוו) שווינדזיכטיג; פערצעהרענדיג, פערניכטענדיג; איינער וואס איז קראנק אויף שווינדזוכט [סוכאטא].

consump'tively *adv.* (קאנ-סאמפ'-טיוו-לי) אויף א פערצעהרענדען אדער פערניכטענדען אופן; דורך שווינדזוכט.

consump'tiveness *n.* (קאנ-סאמפ'-טיוו-נעס) די נייגונג צו ווערען שווינד-זיכטיג; שווינדזיכטיגקייט.

con'tact *n.* (קאנ'-טעקט) בעריהרונג, צוזאמענטרעפונג.

I came in **contact** with them on my journey to Europe.

con'tact ac'tion (קאנ'-טעקט עק'-שאן) די כעמישע ווירקונג וואס א שטאף מאכט אויף דעם צווייטען דורך בעריהרונג.

con'tact-brea'ker *n.* (קאנ'-טעקט-בריי'-קער) א שטראם-אונטערברעכער [אזא אפאראט צום אונטערברעכען און צו שליסען אן עלעקטרישען שטראם].

con'tact-lev'el *n.* (קאנ'-טעקט-לעוו'-על) אן אינסטרומענט, וואס ווערט גע-ברויכט צו בעשטימען קליינע אונטערשיי-דע ביים אויסמעסטען די לענג פון א זאך.

contac'tual *a.* (קאנ-טעק'-טשו-על) בנוגע צום צוזאמענטרעפען אדער צום קומען אין בעריהרונג; וואס ווערט ארויס-גערופען דורך בעריהרונג.

conta'gion *n.* (קאנ-טיי'-דזשאן) אנ-שטעקונג; אנשטעקענדע קראנקהייט; פער-פעסטעטע לופט.

conta'gioned *a.* (קאנ-טיי'-דזשאנד) אנגעשטעקט.

conta'gionist *n.* (קאַנ-טיי'-דזשאַנ-איסט) איינער וואָס גלויבט אין דעם אַנשטעקענדען כאַראַקטער פון געוויסע קראַנקהייטען.

conta'gious *a.* (קאַנ-טיי'-דזשאַס) אַנשטעקענד; וואָס שטעקט אַן מיט קראַנקהייטען, שעדליך, אונגעזונד.
Panic is more **contagious** than enthusiasm.

conta'giously *adv.* (קאַנ-טיי'-דזשאַס-לי) דורך אַנשטעקונג.

conta'giousness *n.* (קאַנ-טיי'-דזשאַס-נעס) דאָס זיין אַנשטעקענד.

conta'gium *n.* (קאַנ-טיי'-דזשי-אַם) אַנשטעקונג; דער שטאָף, דורך וועלכען מען שטעקט זיך אַן פון אַ קראַנקען.

contain' *v.* (קאַנ-טיין') ענטהאַלטען; צוריקהאַלטען, זיך צוריקהאַלטען.
This barrel **contains** old wine.

contain'able *a.* (קאַנ-טיינ'-עבל) וואָס קען ענטהאַלטען אָדער צוריקגעהאַלטען ווערען.

contain'er *n.* (קאַנ-טיינ'-ער) דער אָדער דאָס וואָס ענטהאַלט.

contam'inable *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-נעבל) וואָס קען בעפלעקט, בעשמוצט אָדער פערדאַרבען ווערען; וואָס קען פעראונרייניגט ווערען אָדער פעראונרייניגען.
The water supply of this city passes through a **contaminable** district.

contam'inate *v.* (קאַנ-טעמ'-אי-נייט) בעפלעקען, פערשמוצען; מאַכען אונריין, פעראונרייניגען; פערדאַרבען.

contam'inated *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-ניי-טעד) בעשמוצט, בעפלעקט; פעראונרייניגט; פערדאַרבען.

contamina'tion *n.* (קאַנ-טעמ-אי-ניי'-שאַן) בעפלעקונג, בעשמוצונג; פעראונרייניגונג; פערדאַרבונג.
Unclean streets easily lead to a **contamination** of the whole city with disease.

contam'inative *a.* (קאַנ-טעמ'-אי-ניי-טיוו) בעפלעקענד, בעשמוצענד; פעראונרייניגענד; פערדאַרבענד.

contan'go *n.* (קאַנ-טענ'-גאָו) די סומע געלד וואָס אַ קויפער פון ווערטה=פאַפיערען אויף דער לאָנדאָנער בערזע דאַרף בעצאַהלען, ווען ער בעצאַהלט ניט אין אַ בעשטימטען טאָג פאַר די געקויפטע ווערטה=פאַפיערען.

contan'go day (קאַנ-טענ'-גאָו דיי) אַ בעשטימטער טאָג אויף דער לאָנדאָנער בערזע, ווען די קויפער פון ווערטה=פאַפיערען, וואָס צאַהלען ניט אָב פאַר די געקויפטע ווערטה=פאַפיערען, דאַרפען בעצאַהלען דערפאַר וואָס זיי מאַכען ניט די איינצאַהלונג.

contemn' *v.* (קאַנ-טעם') פעראַכטען, גרינגשעצען.

contem'nedly *adv.* (קאַנ-טעמ'-נעד-לי) מיט פעראַכטונג; מיט גרינגשעצונג.

contem'ner *n.* (קאַנ-טעמ'-נער) דער וואָס פערהאַלט זיך מיט פעראַכטונג אָדער גרינגשעצונג.

contem'ningly *adv.* (קאַנ-טעמ'-נינג-לי) ז. *contemnedly*.

contem'plable *a.* (קאַנ-טעמ'-פּלעבל) וואָס ווערט בעטראַכט, אָדער בעאָבאַכטעט; וואָס ווערט בעאַבזיכטיגט; וועגען וואָס מען דענקט נאָך.

contem'plate *v.* (קאַנ-טעמ'-פּלייט) 1. נאָכדענקען, בעטראַכטען; בעאָבאַכטען; 2. בעאַבזיכטיגען.
1. I shall **contemplate** over it and let you know. 2. I **contemplate** going to Palestine.

contempla'tion *n.* (קאַנ-טעמ-פּליי'-שאַן) 1. נאָכדענקונג; 2. בעאַבזיכטיגונג; 3. בעטראַכטונג, בעאָבאַכטונג.
1. I was absorbed in **contemplation** when she came in.

contem'plative *n. and a.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו) נאָכדענקענדיג, פאַרשענדיג; פערזונקען אין געדאַנקען; איינער וואָס פערנעהמט זיך מיט נאָכדענקען וועגען עפּעס, איבערהויפּט וועגען רעליגיעזע זאַכען; אַ מאָנאַך, אַ נזיר; אַ מאָנאַך פון דעם מאַריאַ מאַגדאַלענאַ אָרדען.

contem'plative fac'ulty (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו פעק'-אַל-טי) די דענקונגס=קראַפט.

contem'platively *adv.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו לי) מיט אַ גענויעם בעטראַכטען; דורכדרינגענד מיט'ן געדאַנק.

contem'plativeness *n.* (קאַנ-טעמ'-פּלע-טיוו-נעס) דאָס נאָכדענקען, דאָס טראַכטען.

con'templator *n.* (קאַנ'-טעמ-פּליי-טאָר) איינער וואָס דענקט נאָך.

contemporane'ity *n.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-רע-ני'-אי-טי) גלייכצייטיגקייט, דאָס זיין אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדערען.

contempora'neous *a.* (קאַנ-טעמ-פּאָ-ריי'-ני-אַס) גלייכצייטיג, וואָס לעבט אָדער פּאַסירט אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פערזאָן אָדער זאַך.

contempora'neously *adv.* (קאַנ-טעמ-פּאַ-ריי'-ני-אַס-לי) גלייכצייטיג, אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פערזאָן אָדער זאַך.

contempora'neousness *n.* (קאַנ-טעמ-פּאַ-ריי'-ני-אַס-נעס) גלייכצייטיגקייט, דאָס זיין אין דער זעלבער צייט מיט אַן אַנדער פערזאָן אָדער זאַך.

contem'porary *a. and n.* (קאַנ-טעמ'-פּאַ-רע-רי) גלייכצייטיג; גלייכצייטיג עקזיסטירענד אין דעמזעלבען אָרט [ווי אַ צייטונג, אַ זשורנאַל א. ד. ג.]; איינער וואָס לעבט אין איין צייט מיט אַן אַנדערען.
Washington and Lafayette were **contemporaries**.

contempt' *n.* (קאַנ-טעמפּט') פעראַכטונג; דאָס פעראַכטען; דאָס מבזה זיין; דאָס זיין פעראַכטעט אָדער פערשעמט; דאָס בעליידיגען די עפענטליכע מאַכט [די געזעצגעבענדע איינריכטונג, דאָס געריכט=הויז, דעם ריכטער א. ד. ג.].

contemptibil'ity *n.* (קאַנ-טעמפּ-טי-ביל'-אי-טי) דאָס זיין פעראַכטליך אָדער פעראַכטונגס=ווערטה; אונווירדיגקייט.

contemp'tible *a.* (קאַנ-טעמפּ'-טיבל) פעראַכטונגס=ווערטה; פעראַכטליך; אונווירדיג; נידעריג, געמיין; פעראַכטעט; ערנידעריגט, בעליידיגט.

contemp'tibleness *n.* (קאַנ-טעמפּ'-טיבל-נעס) פעראַכטליכקייט, אונווירדיגקייט.

contemp'tibly *adv.* (קאַנ-טעמפּ'-טי-בלי) אויף אַ פעראַכטליכען אָדער אונווירדיגען אופן.

contempt' of court (קאַנ-טעמפּט' אָוו קאָורט) דאָס ניט פאָלגען דעם געריכט, דאָס בעליידיגען אַ ריכטער אין געריכט.

contemp'tuous *a.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס) פול מיט פעראַכטונג; פרעך; מיט גאוה; מיט בייזקייט, מיט גאל.

contemp'tuously *adv.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס-לי) אויף אַ פרעכען אָדער פעראַכטונגספאָלען אופן; מיט גאוה, מיט בייזקייט, מיט גאל.

contemp'tuousness *n.* (קאַנ-טעמפּ'-טשו-אַס-נעס) פעראַכטונג צו אַנדערע; פרעכהייט.

contend' *v.* (קאַנ-טענד') בעהויפּטען עפּעס אין אַ דעבאַטע אָדער וכוח; שטרייטען; קעמפּפען פאַר עפּעס; סטאַרען זיך עפּעס צו דערגרייכען אָדער פערטיידיגען; פיהרען אַ וכוח, דעבאַטירען.

conten'dent *n.* (קאַנ-טענ'-דענט) דער וואָס שטרייט געגען אַן אַנדערען; דער אַנטאַגאָניסט, דער צד=שכנגד.

conten'der *n.* (קאַנ-טענ'-דער) אַ שטרייטער; אַ דעבאַטאַנט.

conten'ding *a.* (קאַנ-טענ'-דינג) זיך שטרייטענדיג, דעבאַטירענדיג.

conten'ement *n.* (קאַנ-טענ'-אי-מענט) אין געזעצגעבונג — דאָס, וואָס בעלאַנגט צו אַ הויז, ווי אַ שטיקעל לאַנד, וועלכעס דאָס הויז מוז האָבען אַרום זיך א. ד. ג.

content' *a., n. and v.* (קאַנ-טענט') צופרידען; צופרידענהייט; בעפרידיגען, צופרידען שטעלען; צופרידען זיין; בענוגענען זיך.

conten'ted *a.* (קאַנ-טענ'-טעד) 1. צופרידען; 2. אָהן זאָרג; רוהיג; 3. נאָכגיעביג, ווילליג.
1. Men are **contented** to be laughed at for their wit, but not for their folly.

conten'tedly *adv.* (קאַנ-טענ'-טעד-לי) מיט צופרידענהייט; רוהיג; אָהן זאָרג; מיט נאָכגיעביגקייט; ווילליג.

conten'tedness *n.* (קאַנ-טענ'-טעד-נעס) צופריעדענהייט.

conten'tion *n.* (קאַנ-טענ'-שאַן) מחלוקת, אַ קריעג, אַ שטרייט, אַ קאָנפליקט, אַ דיספּוט; די זאַך, איבער וועלכער דער שטרייט געהט אָן; אַן אַרגומענט, אַ ראיה אין אַ וכוח.

conten'tious *a.* (קאַנ-טענ'-שאַס) שטרייטיג, קריגעריש; איינרייסענדיג.

conten'tious ar'gument (קאַנ-טענ'-שאַס אַר'-גיו-מענט) אַן אַרגומענט אין אַ דעבאַטע, וועלכער ווערט אַרויסגעשטעלט נור מיט דעם ציעל צו האַמפּערען זיך און צו פערטומלען דעם געגנער.

conten'tiously *adv.* (קאַנ-טענ'-שאַס-לי) מיט צאַנקעריי, דורך האַמפּערען זיך; אויף אַ קריעגערישען אָדער שטרייטינגען אופן.

conten'tiousness *v.* (קאַנ-טענ'-שאַס-נעס) די נייגונג צו שטרייטען אָדער צו קריגען זיך.

content'less *a.* (קאַנ-טענט'-לעס) אָהן בעפרידיגונג, אונצופרידען.

content'ment *n.* (קאַנ-טענט'-מענט) דאָס זיין בעפרידיגט; צופרידענהייט.

contents' *n.* (קאַנ-טענטס') אַלץ וואָס ענטהאַלט זיך אין אַ געוויסער זאַך אָדער אין געוויסע גרענעצען; אינהאַלט; אינהאַלטס=פערצייכנים.

conter'minal *a.* (קאַנ-טויר'-מי-נעל) וואָס גרענעצט זיך מיט עפּעס.

conter'minous *a.* (קאַנ-טויר'-מי-נאַס) זיך גרענצענד, נאָהנט; וואָס גרענעצט זיך מיט אַן אַנדער זאַך; וואָס האָט דעם זעלביגען שטח; פון דעם זעלביגען קלאַס [אין זאָאָלאָגיע].

con'test *n.* (קאַנ'-טעסט) אַ קאַמפּף, אַ שטרייט, אַ געשלעג; אַ דיספּוט, אַ וכוח.
The race was a **contest** of endurance, not of skill.

contest' *v.* (קאַנ-טעסט') שטרייטען איבער אַ זאַך; דיספּוטירען; קעמפּפען פאַר עפּעס; שלאָגען זיך, מלחמה האַלטען.
The soldiers **contested** every inch of ground in the battle.

contes'tant *n.* (קאנ-טעס'-טענט) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א געפעכט, אין א קריעג אדער אין א דיספוט.

con'text *n.* (קאנ'-טעקסט) צוזאמענהאנג פון איין טייל פון א רעדע, בוך א. ד. ג. מיט דעם אנדערען.

contex'tual *a.* (קאנ-טעקס'-טשו-על) וואס איז שייך צו א שטעלע אדער אויסצוג [פון א בוך]; שטימענד מיט'ן טעקסט.

contex'tually *adv.* (קאנ-טעקס'-טשו-על-אי) איינשטימענדיג מיט'ן טעקסט; דורך'ן איבערגעבען ווארט ביי ווארט.

contex'tural *a.* (קאנ-טעקס'-טשו-רעל) וואס געהערט צו דער צוזאמענזעצונג, צום געבוי אדער צו דער סיסטעם פון צוזאמענשטעלונג פון א קערפער.

contex'ture *n.* (קאנ-טעקס'-טשור) די צוזאמענזעצונג, צוזאמענשטעלונג; דער געבוי פון עפעס; דער ארט אדער די סיסטעם ווי אזוי א קערפער אדער א זאך איז צוזאמענגעשטעלט.

con thanks (קאן טהענקס) דאנקען.

contigu'ity *n.* (קאנ-טי-גיו'-אי-טי) א נאהענטע בעריהרונג, נאהענטקייט; א רייהע זאכען, וואס פאלגען אונאויפהערליך איינע נאך דער צווייטער; אידעען-פערבינדונגען [א פסיכאלאגישער געזעץ, דאס ווען צוויי אדער מעהרערע פארשטעלונגען זיינען ענג פערבונדען צווישען זיך און איין פארשטעלונג ווערט ארויסגערופען, פאלגען אויך די איבריגע].

contig'uous *a.* (קאנ-טיג'-יו-אס) וואס איז נאהענט, וואס קומט אין בעריהרונג, וואס גרענעצט זיך.

contig'uous an'gles (קאנ-טיג'-יו-אס ענגלז) נעבען-ליעגענדע ווינקלען [אין געאמעטריע].

contig'uously *adv.* (קאנ-טיג'-יו-אס-לי) דורך בעריהרונג.

con'tinence *n.* (קאנ'-טי-נענס) מעסיגקייט; ענטהאלטזאמקייט; נזירות; זעלבסט-בעהערשונג [אין בעצוג צו לייבעדענשאפטען]; אן אונאונטערבראכענע רייהע.

con'tinency *n.* (קאנ'-טי-נען-סי) ז. *continence*

con'tinent *a.* and *n.* (קאנ'-טי-נענט) איינגעהאלטען [אין די תאוות]; א זעהר גרויסע שטיק יבשה, א וועלט-טהייל, א קאנטינענט.

Con'tinent *n.* (קאנ'-טי-נענט) אייראפא אויסער די בריטאנישע אינזלען [אין דעם זין געברויכען דאס ווארט די ענגלענדער, אום אונטערצושיידען די איבריגע טיילען פון אייראפא פון די ענגלישע בעזיצונגען אין אייראפא. אזוי פלעגט מען אויך רופען ענגלאנד אין אמעריקא, בעת די פעראייניגטע שטאאטען האבען בעלאנגט צו ענגלאנד און בעת דער אמעריקאנער רעוואלוציאן].

continen'tal *a.* and *n.* (קאנ-טי-נענ'-טעל) וואס איז שייך אדער בעלאנגט צו א קאנטינענט, צו א גרויסער שטיק יבשה [אין געגענזאץ צו אלעם וואס בעלאנגט אדער האט א שייכות צו אינזלען]; אן איינוואהנער פון א קאנטינענט [הויפטזעכליך פון דעם אייראפעאישען קאנטינענט, ווי עס ווערט אנגענומען אין ענגלאנד]; אן ענגלישער סאלדאט אין אמעריקא בעת דער רעוואלוציאן אין די פעראייניגטע שטאאטען.

Continen'tal Con'gress (קאנ-טי-נענ'-טעל קאנ'-גרעס) דער קאנטינענטאלער קאנגרעס [אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן — א קערפערשאפט פון פערטרעטער פון די דרייצעהן ענגליש-אמעריקאנישע קאלאניעס, וועלכע האבען שפעטער זיך פעראייניגט אין די איצטיגע פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

continen'talist *n.* (קאנ-טי-נענ'-טעל-איסט) אן איינוואהנער פון א קאנטינענט [אין געגענזאץ צו אן איינוואהנער פון אן אינזעל].

continen'tal sys'tem (קאנ-טי-נענ'-טעל סיס'-טעם) דער פלאן פון נאפאלעאן דעם ערשטען אבצושפערען דעם ענגלישען האנדעל מיט גאנץ אייראפא [לויט א בעפעהל פון נאפאלעאן'ען איז ענגלאנד אין יאהר 1806 ערקלעהרט געווארען אונטער א בלאקאדע און אלע ענגלענדער, וואס מען האט געכאפט אין פראנקרייך און אין די לענדער, וואס זיינען געווען פערבונדען מיט פראנקרייך, זיינען ערקלערט געווארען פאר קריעגס-געפאנגענע].

con'tinently *adv.* (קאנ'-טי-נענט-לי) אין א צוריקגעהאלטענער פארם; דורך זעלבסט-בעהערשונג [פון תאוות].

contin'gence *n.* (קאנ-טינ'-דזשענס) צופעליגקייט; צופאל.

contin'gency *n.* (קאנ-טינ'-דזשענ-סי) ז. *contingence*

contin'gent *a.* and *n.* (קאנ-טינ'-דזשענט) צופעליג; מעגליך בלויז אונטער געוויסע אומשטענדען אדער בעדינגונגען; וואס איז אבהענגיג פון..., וואס ווענדט זיך אן...; ניט זיכער; ניט פעסט בעשטימט; צופעליגקייט; צופאל; קאנטינגענט [א געוויסע צאהל, בעזאנדערס א געוויסע צאהל סאלדאטען]; א צאהל סאלדאטען, וואס יעדע פון די פעראייניגטע מלוכות שטעלען צו אדער דארפען צושטעלען בעת א מלחמה.

contin'gently *adv.* (קאנ-טינ'-דזשענט-לי) אונטער געוויסע אומשטענדען; בתנאי; צופעליגערווייזע; אונגעפעהר.

contin'ual (קאנ-טינ'-יו-על) וואס ווערט ניט אונטערבראכען; אונאויפהערענד; וואס ווידערהאלט זיך זעהר אפט.

contin'ually *adv.* (קאנ-טינ'-יו-על-אי) אהן אויפהער; ניט אונטערבראכען; שטענדיג.

contin'ualness *n.* (קאנ-טינ'-יו-על-נעס) דאס דויערען אהן אן אויפהער; דאס זיין אונאויפהערענד; שטענדיגקייט.

contin'uance *n.* (קאנ-טינ'-יו-ענס) שטענדיגקייט; אויפהאלטונג; אונאויפהערונג; דאס דויערען; דאס אבלעגען א געריכטס-פראצעס פון איין בעשטימטער צייט אויף א צווייטער.

continua'tion *n.* (קאנ-טינ-יו-איי'-שאן) פארזעצונג.

contin'uative *a.* and *n.* (קאנ-טינ'-יו-ע-טיוו) וואס דריקט אויס בעשטענדיגקייט; אן אויסדרוק פון בעשטענדיגקייט; א פערבינדונגס-ווארט.

contin'uatively *adv.* (קאנ-טינ'-יו-ע-טיוו-לי) אין פארזעצונג; אויף א דויערענדען שטייגער.

contin'uator *n.* (קאנ-טינ'-יו-איי-טאר) דער פארזעצער.

contin'ue *v.* (קאנ-טינ'-יו) פארזעצען; אנהאלטען; געדויערען; פארמציהען; I shall continue my friendly relations with you.

contin'ued *a.* (קאנ-טינ'-יוד) פארזעצט; פארטגעצויגען; דויערענד.

contin'ued frac'tion (קאנ-טינ'-יוד פרעק'-שאן) א ברוך-צאהל, פון וועלכער דער צעהלער [די צאהל איבער'ן שטריך] איז אן איינס און דער נענער [די צאהל אונטער'ן שטריך] בעשטעהט פון א גאנצער צאהל צוזאמען מיט א ברוך-צאהל, פון וועלכער דער צעהלער איז ווידער אן איינס און דער נענער איז ווידער א גאנצע צאהל צוזאמען מיט א ברוך-צאהל, פון וועלכער דער צעהלער איז ווידער אן איינס א. ז. וו., ווי למשל:

$$2+\cfrac{1}{2+\cfrac{1}{3+\cfrac{1}{4+\cfrac{1}{5+\cfrac{1}{6+}}}}}$$ א. ז. וו.

contin'uer *n.* (קאנ-טינ'-יו-ער) ז. *continuator*

contin'uing *a.* (קאנ-טינ'-יו-אינג) דויערענד, אויפהאלטענד, פארטציהענד, פארטזעצענד.

contin'uingly *adv.* (קאנ-טינ'-יו-אינג-לי) אהן א הפסקה; דויערענד כסדר. The attorney questioned him continuingly.

continu'ity *n.* (קאנ-טי-ניו'-אי-טי) דאס זיין אונאויפהערענד; אונאונטערבראכענקייט; צוזאמענהאנג.

contin'uous *a.* (קאנ-טינ'-יו-אס) צוזאמענהאנגענד; כסדר דויערענד; אונאונטערבראכען.

contin'uously *adv.* (קאנ-טינ'-יו-אס-לי) אויף א כסדר דויערענדען, אונאויפהערענדען אופן.

contin'uousness *n.* (קאנ-טינ'-יו-אס-נעס) אונאונטערבראכענקייט; דויער.

contor'niate *n.* and *a.* (קאנטאהר'-ני-אייט) וואס האט א געקארבטען ראנד; א מטבע אדער מעדאל מיט א געקארבטען ראנד.

contort' *v.* (קאנ-טאהרט') אויסדרעהען, אויסבויגען, פלעכטען.

contor'ted *a.* (קאנ-טאהר'-טעד) אויסגעדרעהט, פערקרימט, צובויגען.

contor'tion *n.* (קאנ-טאהר'-שאן) דאס דרעהען זיך אדער פלעכטען; דאס זיין פערדרעהט; דאס פערקרימען א גליעד פון קערפער; דאס אנווערען דעם נאטירליכען צושטאנד.

contor'tionist *n.* (קאנ-טאהר'-שאנ-איסט) א קונצענמאכער וואס ברעכט זיך.

contor'tive *a.* (קאנ-טאהר'-טיוו) וואס איז שייך אדער האט א נייגונג צו דרעהען, אדער ברעכען זיך; וואס איז פערקרימט, צובויגען.

con'tour *n.* (קאנ'-טוהר) די קאנטור, די אויסערע שטריכען פון א פיגור.

contour' *v.* (קאנ-טוהר') די לעגען קאנטור, מאכען אויסערע שטריכען פון א פיגור.

contour'ing *n.* (קאנ-טוהר'-אינג) דאס בעצייכנען די שטריכען פון א פיגור.

contour'-line *n.* (קאנ-טוהר'-לאין) די ליניע וועלכע בעצייכענט אויף וויפיעל א שטיק לאנד איז העכער איבער די אויבערפלעכע פון וואסער.

con'tra *adv.* and *prep.* (קאנ'-טרא) אנטקעגען; געגען.

con'traband *n.* and *a.* (קאנ'-טרע-בענד) קאנטראבאנד, פערבאטענע סחורה; פערבאטען [אריינצופיהרען אין א לאנד אדער ארויסצופיהרען].

con'trabandism *n.* (קאנ'-טרע-בענ-דיזם) דאס דורכ'גנב'ענען דורך'ן גרענעץ.

con'trabandist *n.* (קאנ'-טרע-בענ-דיסט) א קאנטראבאנדיסט, דער... וואס גנב'עט דורך סחורה דורך'ן גרענעץ.

con'trabass *n.* (קאנ׳-טרא-ביים) א קאנטראבאס [א מוזיקאלישער אינסטרומענט].

con'trabassist *n.* (קאנ׳-טרא-בעס-איסט) דער וואס שפּיעלט אויף׳ן קאנטראבאס.

contrabas'so *n.* (קאנ-טרא-בעס׳-סא) ז. *contrabass*.

con'tra bo'nos mo'res (קאנ׳-טרא באו׳-נאוס מאו׳-ריעז) אונזיטליך, אונמאראליש; ניט לויט די אנגענומענע מאראל אדער זיטען.

con'tract *n.* (קאנ׳-טרעקט) א קאנטראקט, אבמאך; פערלאבונג [תנאים].

contract' *v.* (קאנ-טרעקט׳) צוזאמענציהען; פערקלענערען; פערקירצען; צונויפגעצויגען ווערען; קלענער ווערען, קירצער ווערען; פערלאבען; מאכען א קאנטראקט; ערווערבען.

contract' a hab'it (קאנ-טרעקט׳ ע העב׳-איט) זיך איינגעוועהנען אין עפּעס.

contrac'tant *n.* (קאנ-טרעק׳-טענט) איינער פון די צדדים ביים שליסען א קאנטראקט.

contract' debts (קאנ-טרעקט׳ דעטס) מאכען חובות.

contrac'ted *a.* (קאנ-טרעק׳-טעד) צוזאמענגעצויגען; איינגעננוצינג; שמאל־קעפּיג; בעשרענקט, בעגרענצט [אין מיטעל צום לעבען אדער אין געלעגענהייטען]; וואס איז בעשטימט געווארען דורך אן אבמאך; פערלאבט.

contrac'tedly *adv.* (קאנ-טרעק׳-טעד-לי) אויף א צונויפגעצויגענעם אדער פערקירצטען אופן; אויף א בעשרענקטען אופן; דורך איינגעננוציגקייט.

contrac'tedness *n.* (קאנ-טרעק׳-טעד-נעס) צונויפגעצויגענקייט, קורצקייט; געמיינהייט, איינגעננוציגקייט; דאס זיין קורץ געפּאסט.

contract' friend'ship (קאנ-טרעקט׳ פרענד׳-שיפּ) שליסען פריינדשאפט.

contractibil'ity *n.* (קאנ-טרעק-טי-ביל׳-אי-טי) די איינגענשאפט צו קענען צוזאמענגעצויגען אדער איינגעשרומפּען ווערען.

contrac'tible *a.* (קאנ-טרעק׳-טיבל) וואס קען צוזאמענגעצויגען אדער איינגעשרומפּען ווערען.

contrac'tibleness *n.* (קאנ-טרעק׳-טיבל-נעס) ז. *contractibility*.

contrac'tile *a.* (קאנ-טרעק׳-טיל) וואס קען זיך צוזאמענציהען; וואס קען איינשרומפּען; וואס קען זיך צונויפלעגען [ווי געוויסע גליעדער פון אינזעקטען, צ. ב. די פּיסלעך וואס קענען זיך צונויפלעגען הארט לעבען קערפּער, אזוי אז עס איז זיי קוים צו בעמערקען].

contractil'ity *n.* (קאנ-טרעק-טיל׳-אי-טי) די פעהיגקייט זיך צוזאמענצוציהען, איינלויפען אדער איינשרומפּען.

contrac'ting *a.* (קאנ-טרעק׳-טינג) מאכענדיג א קאנטראקט.

contrac'tion *n.* (קאנ-טרעק׳-שאן) 1. דאס איינלויפען, איינשרומפּען אדער צוזאמענציהען זיך; 2. אבקירצונג [פון א ווארט אדער ארטיקעל]; 3. די צוזאמענציהונג אדער קרימונג פון די געלענקען, קראמפּף פון גליעדער, לעהמונג פון גליעדער; 4. אן אבגעקירצטע מעטאדע צו מאכען געוויסע רעכנונגען; 5. דאס ערווערבען.

1. Cold causes a **contraction** of the blood.
2. "Can't" is a **contraction** of "can not."
5. The **contraction** of debts is a bad habit.

contrac'tional *a.* (קאנ-טרעק׳-שאנ-על) וואס איז איינגעשרומפּען, צונויפגעצויגען אדער איינגעלאפען; פעראורזאכט דורך איינשרימפּען אדער איינלויפען.

contrac'tionist *n.* (קאנ-טרעק׳-שאנ-איסט) איינער וואס איז דערפאר, אז עס זאל איינגע׳ערענגט ווערען די צירקולאציאן פון פּאפּיער־געלד אין לאנד.

contrac'tion-rule *n.* (קאנ-טרעק׳-שאן-רוהל) דער כלל פון א מאדעל־מאכער פאר מעטאל־גיסערייען צו מאכען דעם מאדעל עטוואס גרעסער אויף דעם סמך וואס דאס מעטאל וואס קיהלט זיך אב נאך׳ן אבגיסען לויפט איין [פאר גוס־אייזען צ. ב. ווערט אויף צוויי פוס לענג גערעכענט ¼ צאל אויף איינלויפען].

contrac'tive *a.* (קאנ-טרעק׳-טיוו) וואס האט א נייגונג זיך צונויפצוציהען, איינשרומפּען אדער איינלויפען; וואס לויפט איין אדער ציהט זיך צוזאמען.

contrac'tor *n.* (קאנ-טרעק׳-טאר) איינער וואס שליסט א קאנטראקט; איינער פון די צדדים וואס שליסען א קאנטראקט; א פּאדריאטשיק, א ליפערטאנט; א בוי־אונטערנעהמער; א צונויפציהונגס־מוסקעל.

contrac'tual *a.* (קאנ-טרעק׳-טשו-על) וואס קומט פון א קאנטראקט אדער אבמאך; וואס האט דעם כאראקטער פון א קאנטראקט.

contrac'ture *n.* (קאנ-טרעק׳-טשור) די צונויפציהונג פון א מוסקעל; דאס איינציהען זיך אדער קורצער ווערען פון א מוסקעל.

contrac'tured *a.* (קאנ-טרעק׳-טשורד) וואס ליידט פון א צונויפגעצויגענעם מוסקעל; צונויפגעצויגען [ווענען א מוסקעל].

con'tra-dance *n.* (קאנ׳-טרא-דענס) א געגענטאנץ [א טאנץ פון פיער פּארלעך איינע געגען די אנדערע].

contradict' *v.* (קאנ-טרע-דיקט׳) ווידערשפּרעכען; אבלייקענען.

I must **contradict** your statement.

contradic'table *a.* (קאנ-טרע-דיק׳-טעבל) וואס קען ווידערשפּראכען ווערען; וואס קען אבגעלייקענט ווערען; וואס קען בעשטריטען ווערען.

contradic'ter *n.* (קאנ-טרע-דיק׳-טער) איינער וואס ווידערשפּרעכט; איינער וואס לייקענט אב.

contradic'tio in adjec'to (קאנ-טרע-דיק׳-שי-או אין ע-דזשעק׳-טאו) א ווידערשפּרוך אין דעם עצם פון דער זאך [ווי צ. ב. טרוקענע וואסער, הייסע אייז א. ד. ג.].

contradic'tion *n.* (קאנ-טרע-דיק׳-שאן) ווידערשפּרעכונג; אבלייקענונג; געגענזעצליכקייט.

The Abolitionists pointed out the **contradiction** between slavery and the Constitution.

contradic'tion in terms (קאנ-טרע-דיק׳-שאן אין טוירמז) א פראזע וואס ענטהאלט א ווידערשפּרוך אין זיך [ווי צ. ב. א רונדער קווארדראט].

contradic'tious *a.* (קאנ-טרע-דיק׳-שאס) וואס איז גענייגט שטענדיג צו ווידערשפּרעכען, אבצולייקענען, קריטיקירען אדער קריגען זיך.

contradic'tiously *adv.* (קאנ-טרע-דיק׳-שאס-לי) אויף א ווידערשפּרעכענדען אופן.

contradic'tive *a.* (קאנ-טרע-דיק׳-טיוו) וואס ענטהאלט א ווידערשפּרוך; וואס איז געגענזעצליך.

contradic'tively *adv.* (קאנ-טרע-דיק׳-טיוו-לי) דורך א ווידערשפּרוך.

contradic'tor *n.* (קאנ-טרע-דיק׳-טאר) ז. *contradicter*.

conradic'torily *adv.* (קאנ-טרע-דיק׳-טא-רי-לי) אויף א ווידערשפּרעכענדען אופן.

contradic'toriness *n.* (קאנ-טרע-דיק׳-טא-רי-נעס) א ווידערשפּרוך; געגענזעצליכקייט.

contradic'tory *n. and a.* (קאנ-טרע-דיק׳-טא-רי) וואס איז פּונקט דער געגענזאץ; ווידערשפּרעכענד; א געדאנק וואס איז פּונקט דער געגענזאץ פון אן אנדערען.

contradistinct' *a.* (קאנ-טרע-דיס-טינקט׳) וואס אונטערשיידעט זיך דייטליך פון אן אנדער זאך.

contradistinc'tion *n.* (קאנ-טרע-דיס-טינק׳-שאן) דאס אונטערשיידען דורך א געגענזאץ.

contradistinc'tive *a.* (קאנ-טרע-דיס-טינק׳-טיוו) וואס אונטערשיידעט זיך דורך א געגענזאץ.

contradistin'guish *v.* (קאנ-טרע-דיס-טינ׳-גהוויש) אונטערשיידען צווישען צוויי אדער עטליכע זאכען אויף וויפיעל זיי זיינען געגענזעצליך איינע צו די אנדערע.

contrageomet'ric *a.* (קאנ-טרע-דזשי-א-מעט׳-ריק) וואס בעצייכענט א בעציהונג צווישען דריי צאהלען אין דער מאטעמאטישער פארמעל: a(a—b)=b(b—c)

contraharmon'ical *a.* (קאנ-טרע-האר-מאנ׳-אי-קעל) וואס איז אין געגענזאץ צו הארמאניע.

contrain'dicant *n.* (קאנ-טרע-אינ׳-די-קענט) דאס וואס ווייזט אן דעם היפוך.

contrain'dicate *v.* (קאנ-טרע-אינ׳-די-קייט) אנווייזען א הייל־מעטאדע וועלכע איז געגען די געוועהנליכע אנגענומענע.

contraindica'tion *n.* (קאנ-טרע-אינ-די-קיי׳-שאן) א סימפּטאם אדער קראנקהייטס־צייכען, וועלכער בעווייזט דאס מען טאר ניט אנווענדען די געוועהנליכע מעטאדען פון קורירען, וואס די קראנקהייט וואלט זאנסט געפאדערט.

contral'to *n. and a.* (קאנ-טרעל׳-טאו) קאנטער־אלטא [אין מוזיק, די שטימע צווישען סאפּראנא און טענאר]; א זינגער מיט א קאנטער־אלטא שטימע; וואס אנבעלאנגט צו קאנטער־אלטא.

con'tra-oc'tave *n.* (קאנ׳-טרע-אק׳-טייוו) די קאנטער־אקטאווע [די צווייטע אקטאווע אין דער מוזיק, וועלכע ווערט בעצייכענט מיט דאפּעלטע בוכשטאבען, ווי *CC, DD.* א. ד. ג.].

con'traplex *a.* (קאנ׳-טרע-פּלעקס) וואס איז שייך צום טעלעגראפירען אויף איין דראט איןביידע געגענגעזעצטע ריכטונגען.

contrapose' *v.* (קאנ-טרע-פּאוס׳) איבערשטעלען די טיילען פון א זאץ אויף דעם אופן, אז ער זאל געבען א גאנץ אומגעקעהרטע בעדייטונג. ז. *contraposition*.

contraposi'tion *n.* (קאנ-טרע-פּא-זיש׳-אן) דאס איבערשטעלען די טיילען פון א זאץ אויף אזא אופן, אז עס קומט ארויס א גאנץ אומגעקעהרטער געדאנק [צ. ב. דעם זאץ: "אויב די טינט וועט מאכען א שווארצען פלעק, וועסטו זי ניט

פערגיסען" איבערשטעלען אין אזא פארם:
"אויב דו וועסט זי פערגיסען, וועט די
טינט ניט מאכען קיין שווארצען פלעק"];
ענטגעגענשטעלונג.
contrap'tion *n.* (קאנ-טרעפ'-שאן) א
פלאן; אן איינפאל.
contrapun'tal *a.* (קאנ-טרע-פאנ'-טעל)
אין מוזיק — וואס געהערט צום קאנטרא-
פונקט אדער צו דער קונסט פון פערבינדען
מעלאדישע טיילען אין איין הארמאנישע
גאנצע. ז. *counterpoint*.
contrapun'tally *adv.* (קאנ-טרע-פאנ'-
טעל-אי) אויף דעם אופן פון פעראייניגען
מעלאדישע טיילען אין איין הארמאנישע
גאנצע.
contrapun't'st *n.* (קאנ-טרע-פאנ'-
טיסט) דער וואס איז פראקטיצירט אין
קאנטראפונקטען, אין דער קונסט פון פער-
אייניגען מעלאדישע טיילען אין איין
הארמאנישע גאנצע.
contr'ar'co *n.* (קאנ-טראר'-קא) ניט
קיין ריכטיגע בעוועגונג פון סמיק איבער'ן
פידעל.
contrari'ety *n.* (קאנ-טרע-ראי'-ע-טי)
דער ווידערשפרוך; דער היפוך; דער גע-
גענזאץ; די געגענזעצליכקייט.
contrari'ety of posi'tion (קאנ-טרע-
ראי'-ע-טי אוו פא-זיש'-אן) די געגענ-
זעצליכקייט פון דער לאגע, ווען איין זאך
געפינט זיך פונקט אויף א געגענזעצלי-
כער פאזיציאן ווי די אנדערע, ווי למשל,
די צוויי פאלען פון דער ערד.
contrari'ety of qual'ity (קאנ-טרע-
ראי'-ע-טי אוו קוואל'-אי-טי) די בעצי-
הונגען פון אייגענשאפטען, וועלכע זיינען
געגענזעצליך איינע צו די אנדערע, ווי
למשל, קאלט און ווארעם, ליכט און פינ-
סטער א. ז. וו.
con'trarily *adv.* (קאנ'-טרע-רי-לי)
להיפוך, פונקט פערקעהרט.
con'trariness *n.* (קאנ'-טרע-רי-נעס)
נעגנערשאפט, אפאזיציאן; אומגעקעהרט-
קייט; איינגעשפארטקייט, הארטנעקיגקייט.
con'trariwise *adv.* (קאנ'-טרע-רי-
הוואיז) פונקט פערקעהרט; אומגעקעהרט;
להיפוך.
His habit is to act **contrariwise**.
con'trary *a., adv. and n.* (קאנ'-טרע-
רי) פערקעהרט, געגען; וואס געפינט זיך
אין געגענזאץ; וואס האט די נייגונג
שטענדיג צו זיין צוואווידער; להיפוך,
אומגעקעהרט; א זאך וואס געפינט זיך
אין געגענזאץ צו דער צווייטער.
con'trary-min'ded *a.* (קאנ'-טרע-רי-
מאינ'-דעד) וואס דענקט פערקעהרט; מיט
א געגענזעצליכער מיינונג.
contrast' *v.* (קאנ-טרעסט') שטעלען
אין געגענזאץ; פערגלייכען פערשיעדענע
זאכען, כדי צו בעווייזען זייער קאנ-
טראסט; שטעהן אין געגענזאץ צו עפעס.
con'trast *n.* (קאנ'-טרעסט) א קאנ-
טראסט, א היפוך; א דירעקטער געגענ-
זאץ; דאס פערגלייכען צוויי אדער מעהר
פערשיעדענע זאכען, כדי צו זעהן דעם גע-
גענזאץ צווישען זיי.
con'tra-stim'ulant *n. and a.* (קאנ'-
טרע-סטימ'-יו-לענט) וואס ווירקט געגען
אן אויפרעגונג; א רפואה אדער א מיטעל
אבצושוואכען די ווירקונג פון אן אויפרע-
גונג.
contras'tive *a.* (קאנ-טרעס'-טיוו) וואס
פאלגט פון א קאנטראסט; וואס איז צו-
ליעב דעם געגענזאץ.
con'trate *a.* (קאנ'-טרייט) וואס האט
נעגעל אדער צייהנער, וועלכע זיינען איינ-
געארדענט פונקט פערקעהרט ווי געוועהנ-
ליכע [ווערט געברויכט געוועהנליך ביי
צייהן-רעדלעך פון א זייגער].
con'tra-ten'or *n.* (קאנ'-טרע-טענ'-
אר) קאנטרא-טענאר [א מיטעלע שטימע
צווישען דיסקאנט און טענאר].
contravalla'tion *n.* (קאנ-טרע-וועל-
ליי'-שאן) א רייה אנגעשאטענע בערג-
לעך ערד וואס דיענט אז ארמעע, ווען
זיי בעלאגערען א שטאדט, אלס שוץ גע-
גען די פלוצליכע אטאקעס פון פיינד.
contravene' *v.* (קאנ-טרע-וויען') קו-
מען אין קאנפליקט מיט עפעס; האנדלען
געגען אימעצען; איבערטרעטען.
We can not **contravene** the laws of nature and remain in good health.
contrave'ner *n.* (קאנ-טרע-וויע'-נער)
דער וואס האנדעלט געגען אימעצען; דער
וואס טרעט איבער [דעם געזעץ]; דער
וואס שטעלט זיך געגען.
contraven'tion *n.* (קאנ-טרע-ווענ'-
שאן) דאס שטעלען זיך געגען; דאס אי-
בערטרעטען אדער עובר זיין עפים.
contrayer'va *n.* (קאנ-טרע-יויר'-ווע)
א מין שמעקענדער ווארצעל פון צענ-
טראל-אמעריקא, ווערט בענוצט אין מעדי-
צין אלס א מיטעל פון אויפרעגונג און
שטארקונג.


Contrayerva

contre'-dance *n.* (קאנטר'-דענס) א מין
פראנצויזישער טאנץ; די מוזיק צו די-
זען טאנץ.
contre'temps *n.* (קאנטר'-טאן) אן אונ-
ערווארטעטע און אונאנגענעהמע פאסי-
רונג; א בייטונג אין טאקט [אין מוזיק].
contrib'ual *a.* (קאנ-טריב'-יו-על) וואס
בעלאנגט צום זעלבען שבט.
contrib'ute *v.* (קאנ-טריב'-יוט) ביי-
שטייערן; מנדב זיין; מיטווירקען.
I shall **contribute** to the funds of my party.
contribu'tion *n.* (קאנ-טרי-ביו'-שאן)
1. ביישטייערונג; נדבה; 2. מיטווירקונג;
בייטראג; 3. שטייער; קאנטריבוציע, מס.
1. He sent his **contribution** to the hospital. 2. His book is a **contribution** to science. 3. The conqueror levied a **contribution**.
contribu'tional *a.* (קאנ-טרי-ביו'-
שאנ-על) וואס איז שייך צו ביישטייערונג.
contrib'utive *a.* (קאנ-טריב'-יו-טיוו)
ביישטייערענד; וואס נעהמט אנטייל;
וואס ווירקט מיט.
contrib'utor *n.* (קאנ-טריב'-יו-טאר)
א ביישטייערער; א מיטארבייטער אין
א צייטונג אדער זשורנאל; דער וואס
ווירקט מיט.
contrib'utory *a. and n.* (קאנ-טריב'-
יו-טא-רי) וואס נעהמט אנטייל אין עפעס;
וואס ווירקט מיט; א מיטווירקער, אן
אנטייל-נעהמער; א מיטגליעד פון אן אק-
ציען-געזעלשאפט, וועלכער — לויט דעם
ענגלישען געזעץ — איז פערפליכטעט ביי-
צושטייערען אין צאהלונג, אויב די געזעל-
שאפט באנקראטירט.
con'trite *n. and a.* (קאנ'-טראיט) ני-
דערגעשלאגען דורך געוויסענסביסע; א
נידערגעשלאגענער דורך געוויסענסביסע;
א בעל-תשובה.
con'tritely *adv.* (קאנ'-טראיט-לי) מיט
נידערגעשלאגענקייט; מיט יסורים פון גע-
וויסענסביסע.
con'triteness *n.* (קאנ'-טראיט-נעס)
ז. *contrition*.
contri'tion *n.* (קאנ-טריש'-אן) נידער-
געשלאגענקייט דורך געוויסענסביסע; חרטה
אויף זינד.
contrit'urate *v.* (קאנ-טריטש'-יו-
רייט) צוזאמענרייבען; איינרייבען אין
איינעם.
contri'vable *a.* (קאנ-טראי'-וועבל)
וואס קען געפלאנט ווערען; וואס קען ער-
פונדען ווערען דורך אן איינפאל.
contri'vance *n.* (קאנ-טראי'-וועגס)
דאס מאכען א פראיעקט אדער א פלאן;
דאס פאלען אויף אן המצאה ווי צו דער-
גרייכען א געוויסען ציעל; א פלאן, א
סכעמע, אן ערפינדונג; אן איינפאל.
This clothes drier is a wonderful **contrivance**.
contrive' *v.* (קאנ-טראיוו') פראיעקטי-
רען, פלאנעווען; ערפינדען; עררייכען
דורך קונץ-שטיק.
He **contrived** a way to cross the border.
contri'ver *n.* (קאנ-טראי'-ווער) אן ער-
פינדער; איינער וואס קלערט אויס פרא-
יעקטען אדער פלאנען; איינער וואס האט
אייגפעלע אין ערפינדונגען.
control' *n. and v.* (קאנ-טראול') קאנ-
טראלע; אויפזיכט; דאס אכטונג געבען,
דאס רעגולירען; קאנטראלירען; אויפ-
זעהען; אויפהאלטען.
control'-exper'iment *n.* (קאנ-
טראול'-עקס-פער'-אי-מענט) א קאנטרא-
לירענדער עקספערימענט, אן עקספערימענט
וואס מען מאכט פעסטצושטעלען די בעדינ-
גונגען, לויט וועלכע עס דארף געמאכט ווע-
רען אן אנדער עקספערימענט.
controllabil'ity *n.* (קאנ-טראו-לע-
ביל'-אי-טי) דאס קענען קאנטראלירט ווע-
רען.
control'lable *a.* (קאנ-טראו'-לעבל)
וואס קען זיין אונטער א קאנטראלע אדער
אויפזיכט.
control'ler *n.* (קאנ-טראו'-לער) קאנ-
טראלער [א בעאמטער וואס קאנטראלירט
די פינאנסען פון א רעגיערונג אדער קאר-
פאראציאן]; הערשער; איינער וואס האט
די מאכט צו קאנטראלירען אדער רעגו-
לירען.
control'ler-gen'eral *n.* (קאנ-טראו'-
לער-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראל קאנ-
טראלער [א העכערער בעאמטער, וועל-
כער האט אויפזיכט איבער געוויסע דע-
פארטאמענטען פון דער רעגיערונג.
control'lership *n.* (קאנ-טראו'-לער-
שיפ) דאס אמט פון א קאנטראלער.
ז. *controller*.
control'ment *n.* (קאנ-טראול'-מענט)
דאס קאנטראלירען; די מאכט צו קאנ-
טראלירען; דאס איינהאלטען.
controver'sial *a.* (קאנ-טרא-וואיר'-
שעל) וואס געהערט צו שטרייטיגקייטען
אדער ויכוחים; פאלעמיש.
If we wish to live in peace we must eliminate all **controversial** questions from our conversations.
controver'sialist *n.* (קאנ-טרא-וואיר'-
שעל-איסט) איינער וואס פיהרט ויכוחים;
א פאלעמיקער.
controver'sially *adv.* (קאנ-טרא-

וואיר' שעל-אי) אויף א פאלעמישען שטייגער.

con'troversy *n.* (קאנ'-טרא-וואיר-סי) א דיספוט, א שטרייט, א ויכוח; דער קאמפף צווישעןביידע געגנערישע צדדים אין געריכט; די זאך, איבער וועלכער דער שטרייט קומט פאר; די פראגע, איבער וועלכער עס דארף ענטשיעדען ווערען.

controvert' *v.* (קאנ-טרא-ווירט') דיספוטירען, ארויסטרעטען געגען מיט ארגומענטען; בעשטרייטען עפעס דורך דיסקוסיאן.

controver'ter *n.* (קאנ-טרא-וואיר'-טער) איינער וואס שטרייט געגען אימעצען אדער פיהרט אן א ויכוח; א פאלעמיקער.

controver'tible *a.* (קאנ-טרא-וואיר'-טיבל) וואס קען בעשטריטען ווערען דורך דיסקוסיאן.

controver'tibly *adv.* (קאנ-טרא-וואיר'-טי-בלי) דורך א שטרייט אדער דורך א ויכוח.

controver'tist *n.* (קאנ-טרא-וואיר'-טיסט) א שטרייטער, א דיספוטאנט, א פאלעמיקער.

contuma'cious *a.* (קאנ-טיו-מיי'-שאס) איינגעשפארט, עקשן'דיג; וואס וויל זיך ניט אונטערווארפען דעם געזעץ אדער קאנטראלע; אונגעהארכזאם.

contuma'ciously *adv.* (קאנ-טיו-מיי'-שאס-לי) איינגעשפארט; איינגע'עקשן'ט; אונגעהארכזאם.

contuma'ciousness *n.* (קאנ-טיו-מיי'-שאס-נעס) ז. *contumacy*

contumac'ity *n.* (קאנ-טיו-מעס'-אי-טי) ז. *contumacy*

con'tumacy *n.* (קאנ'-טיו-מע-סי) איינגעשפארטקייט, עקשנות; אונגעהארכזאמקייט צו דעם געזעץ אדער בעפעהל פון ריכטער צו ערשיינען אין געריכט.

contume'lious *a.* (קאנ-טיו-מי'-לי-אס) שימפפליך; גראב; אונפערשעהמט; פערעכטליך.

contume'liously *adv.* (קאנ-טיו-מי'-לי-אס-לי) מיט פעראכטונג; מיט חוצפה; אונפערשעמט, גראב.

contume'liousness *n.* (קאנ-טיו-מי'-לי-אס-נעס) גראבקייט; חוצפה; זידלעריי.

con'tumely *n.* (קאנ'-טיו-מי-לי) גראבע רייד; זידלעריי; שימפף=ווערטער.

contuse' *v.* (קאנ-טיוז') צוקוועטשען, מאכען א בייל.

contu'sion *n.* (קאנ-טיו'-זשאן) א צוקוועטשונג; א בייל וואס קומט פון א קלאפּ אדער קוועטשונג, וואו די הויט בלייבט גאנץ; דאס צושטויסען אויף פולווער.

contu'sive *a.* (קאנ-טיו'-סיוו) מאכענדיג א בייל; צוקוועטשענדיג.

conun'drum *n.* (קא-נאנ'-דראם) א רעטענעם; א קלאץ=קשיה; א ווארטשפיעל.

co'nus *n.* (קאו'-נאס) ז. *cone*

convalesce' *v.* (קאנ-ווע-לעס') גענעזען ווערען [נאך א קראנקהייט]; קומען צו זיך.

convales'cence *n.* (קאנ-ווע-לעס'-ענס) דאס לאנגזאמע צוריקגעווינען די קרעפטען נאך א שוואכקייט אדער קראנקהייט.

convales'cency *n.* (קאנ-ווע-לעס'-ענ-סי) ז. *convalescence*

convales'cent *a. and n.* (קאנ-ווע-לעס'-ענט) וואס אנבעלאנגט צו דעם לאנגזאמען צוריקגעווינען די קרעפטען נאך א קראנקהייט; א פאציענט וואס האלט זיך אין ערהאלען נאך א קראנקהייט.

convales'cently *adv.* (קאנ-ווע-לעס'-ענט-לי) צוריקגעווינענדיג די קרעפטען נאך א קראנקהייט.

convec'tion *n.* (קאנ-וועק'-שאן) די שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען צוליעב דער בעוועגונג פון די טיילען, וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט [ווען וואסער צ. ב. ווערט געווארעמט, ווערט בעשאפען דורך דעם א בעוועגונג אדער שטרעמונג פון די לופט אדער וואסער=טיילען. די טיילען, וועלכע זיינען אנגעווארעמט, שפרייטען זיך אויס, זיי ווערען שיטערער און דעריבער לייכטער, זיי שטרעמען אלזא ארויף=צו. די קעלטערע טיילען, וועלכע זיינען שווערער, שטרעמען אראב=צו, אום צו פערנעהמען דעם ארט פון די אנגעווארעמטע טיילען, וועלכע האבען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך. עס קומט אלזא פאר א שטראם=בעוועגונג פון די אנגעווארעמטע און פון די קעלטערע טיילען]; די איבערטראגונג, די שטרעמונג פון איין ארט צום צווייטען.

convec'tive *a.* (קאנ-וועק'-טיוו) פערורזאכט דורך דער שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען וואס קומט פון דער בעוועגונג פון די טיילען, וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט. ז. *convection*

convec'tively *adv.* (קאנ-וועק'-טיוו-לי) דורך די שטרעמונג פון ווארעמקייט אין פליסיגקייטען אדער גאזען וואס קומט פון דער בעוועגונג פון די טיילען וועלכע זיינען ניט גלייכמעסיג דערווארעמט.

conve'nable *a.* (קאנ-ווי'-נעבל) וואס קען צונויפגערופען אדער פערזאמעלט ווערען.

The meeting adjourned **convenable** at the call of the chairman.

convene' *v.* (קאנ-וויען') צוזאמענרופען; ארויסרופען; זיך פערזאמלען.

conve'ner *n.* (קאנ-ווי'-נער) איינער וואס רופט צוזאמען א פערזאמלונג.

conve'nience *n.* (קאנ-ווי'-ניענס) 1. בעקוועמליכקייט; 2. פאסיגקייט; שיקליכקייט.

1. The house has many **conveniences**. 2. I am ready to call at your **convenience**.

conve'niency *n.* (קאנ-ווי'-ניען-סי) ז. *convenience*

conve'nient *a.* (קאנ-ווי'-ניענט) בעקוועם; פאסיג; וואס איז צו דער האנד.

conve'niently *adv.* (קאנ-ווי'-ניענט-לי) פאסיג; בעקוועם; אהן שוועריגקייט, מיט לייכטקייט.

conve'nient speed (קאנ-ווי'-ניענט ספיעד) די מעגליכסטע שנעלקייט.

con'vent *n.* (קאנ'-ווענט) א מאנאסטיר; א קערפערשאפט פון מאנאכען און מאנאשקעס.

conven'tical *a.* (קאנ-וועג'-טי-קעל) וואס איז שייך צו א מאנאסטיר אדער צו א קערפערשאפט פון מאנאכען און מאנאשקעס.

conven'ticle *n.* (קאנ-וועג'-טיקל) א פערזאמלונג [הויפטזעכליך א געהיימע פערבאטענע צוזאמענקונפט פאר רעליגיעזע צוועקען]: אין דער ענגלישער געשיכטע — א רעליגיעזע פערזאמלונג פון די וואס האבען ניט איינגעשטימט מיט דער ענגלישער אפיציעלער קירך: א געביידע פאר רעליגיעזע פערזאמלונגען.

conven'ticler *n.* (קאנ-וועג'-טי-קלער) איינער וואס נעהמט אנטייל אדער שטיצט א געהיימע רעליגיעזע פערזאמלונג; א מיטגליעד פון א געוויסער שאטלענדישער רעליגיעזער סעקטע.

conven'tion *n.* (קאנ-וועג'-שאן) קאנווענציאן; דאס צוזאמענקומען; א צוזאמענקונפט; אויסגלייך; אבמאך; פעראייניגונג; איבעראיינשטימונג [אלס א גרונד פאר א מנהג, אינסטיטוציאן א. ד. ג.]; א קאנווענציאן.

conven'tional *a.* (קאנ-וועג'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קאנווענציאן אדער אבמאך; וואס איז קאנווענציאנעל, אלגעמיין אנגענומען; וואס איז גענייגט זיך צו האלטען אן אלגעמיין אנגענומענע מנהגים.

What is **conventional** is not necessarily good.

conven'tionalise *v.* (קאנ-וועג'-שאנ-על-איז). ז. *conventionalize*

conven'tionalism *n.* (קאנ-וועג'-שאנ-על-איזם) קאנווענציאנאליזם, די אנהענגליכקייט צו אלעם וואס איז אלגעמיין אנגענומען; פארמאליזם; אלגעמיין אנגענומענע מנהגים.

conven'tionalist *n.* (קאנ-וועג'-שאנ-על-איסט) א קאנווענציאנאליסט, איינער וואס איז אן אנהענגער פון דעם אלגעמיין אנגענומענעם; א פארמאליסט; איינער וואס שליסט אן אבמאך.

conventional'ity *n.* (קאנ-וועג-שאנ-על'-אי-טי) קאנווענציאנאליטעט; אנגענומענע מנהגים פון דער געזעלשאפט; קינסטליכקייט [וואס איז ניט נאטירליך].

conventionaliza'tion *n.* (קאנ-וועג-שאנ-על-אי-זיי'-שאן) דאס וואס שטאמט פון דער נייגונג צו זיין קאנווענציאנעל, זיך צו האלטען אן דעם אלגעמיין=אנגענומענעם.

conven'tionalize *v.* (קאנ-וועג'-שאנ-על-איז) מאכען עטוואס קאנווענציאנעל; ברייגנען אונטער דעם איינפלוס פון דאס קאנווענציאנעלע; טהון עטוואס אויף'ן אלגעמיין=אנגענומענעם שטייגער.

conven'tionally *adv.* (קאנ-וועג'-שאנ-על-אי) לויט קאנווענציאנאליטעט; לויט מנהג, ווי אלגעמיין=אנגענומען.

conven'tionary *a.* (קאנ-וועג'-שאנ-ע-רי) האנדלענד אונטער אן אבמאך; וואס איז אבגעשלאסען געווארען דורך אן אבמאך.

conven'tioner *n.* (קאנ-וועג'-שאנ-ער) א מיטגליעד פון א קאנווענציאן.

conven'tions of soci'ety (קאנ-וועג'-שאנז אוו סא-סאי'-ע-טי) אנגענומענע מנהגים פון דער געזעלשאפט.

A cultured man must not act contrary to the **conventions of society**.

conven'tion trea'ty (קאנ-וועג'-שאן טרי'-טי) אן אבמאך צווישען שטאאטען.

conven'tual *n. and a.* (קאנ-וועג'-טשו-על) וואס געהערט צו א מאנאסטיר; א מאנאך; א מאנאשקע.

converge' *v.* (קאנ-וואירדזש') האבען א נייגונג זיך צוזאמענצולויפען אין איין פונקט; ברייגנען נאהענט, צונויפברייגנען שטופענווייז אין איין פונקט; פיהרען צו אן אלגעמיינעם רעזולטאט, צו אן אלגעמיינעם שלום.

All the avenues **converge** toward the City Hall.

conver'gence *n.* (קאנ-וואיר'-דזשענס) די שטופענווייזע דערנעהנטערונג צו איין

פונקט; דאַס בעגעגענען זיך אין איין פונקט.

conver′gency *n.* (קאַנ-וואַיר′-רזשענ-סי) ז. *convergence*

conver′gent *n. and a.* (קאַנ-וואַיר′-רזשענט) וואָס האָט אַ נייגונג זיך צוזאַמענצוקומען אָדער וואָס קומט זיך צוזאַמען אין איין פונקט; פיהרענדיג צו אַן אַלגעמיינעם רעזולטאַט אָדער שלום; אַן אונענדליכע דעצימאַל ברוך-צאָהל [ווי 1:3=.3333...]

conver′ging *a.* (קאַנ-וואַיר′-רזשינג). וואָס דערנעהנטערט זיך שטופּענווייז; וואָס האָט די נייגונג זיך צוזאַמענצוקומען אויף איין פונקט.

conver′sable *a.* (קאַנ-וואַיר′-סעבל) וואָס איז גענייגט, וואָס קען פיהרען אַ געשפּרעך; בערעדזאַם, בערעדעוודיג, געזעליג.

conver′sableness *n.* (קאַנ-וואַיר′-סעבל-נעס) בערעדזאַמקייט, בערעדעוודיגקייט, געזעליגקייט.

conver′sably *adv.* (קאַנ-וואַיר′-סע-בלי) אויף אַ בערעדעוודיגען אָדער פאַמיליאַרען שטייגער; מיט געזעליגקייט.

con′versant *a.* (קאַנ′-וואַיר-סענט) וואָס איז בעקאַנט מיט...; וואָס פערקעהרט מיט...; וואָס איז נאָהענט מיט...; ערפאַהרען; וואָס האָט אַ שייכות צו...; וואָס בעשעפטיגט זיך אָדער אינטערעסירט זיך מיט...; פערטרויט.

con′versantly *adv.* (קאַנ′-וואַיר-סענט-לי) אויף אַ פערטרויטען, פאַמיליאַרען שטייגער.

conversa′tion *n.* (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַן) אַ געשפּרעך; אַ פערטרויליכע אונטערהאַלטונג; פערקעהר; געשלעכטליכער פערקעהר; אַ געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקונפט [הויפּטזעכליך מיט דעם צוועק צו בעשפּרעכען ליטעראַטור און קונסט-פראַגען].

conversa′tional *a.* (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַנ-על) וואָס געהערט צו אַ געשפּרעך; אונטערהאַלטענד, געזעליג.

conversa′tional gram′mar (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַנ-על גרעמ′-ער) אַ גראַמאַטיק צום לערנען ריידען.

conversa′tionalist *n.* (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַנ-על-איסט) איינער וואָס האָט טאַלענט צו פיהרען אַן אונטערהאַלטונגס-געשפּרעך.

conversa′tionally *adv.* (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַנ-על-אי) דורך שמועסען; אויף אַן אונטערהאַלטענדען אופן; מיט געזעליגקייט.

conversa′tional tal′ents (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַנ-על טעל′-ענטס) אונטערהאַלטונגס-טאַלאַנט [די פעהיגקייט צו אונטערהאַלטען מיט אינטערעסאַנטע געשפּרעכען].

conversa′tionism *n.* (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַנ-איזם) אַ וואָרט אָדער אַ פראַזע, וואָס ווערט געוועהנליך געברויכט אין אַ פערטרויליכען געשפּרעך.

conversa′tionist *n.* (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַנ-איסט) ז. *conversationalist*

conversa′tion-tube *n.* (קאַנ-וואַיר-סיי′-שאַן-טיוב) אַ שפּרעך-רעהר, וואָס ווערט געברויכט ווען מען רעדט מיט טויבע.

conversazio′ne *n.* (קאַנ-ווער-סעט-סי-אָ′-נע) אַ געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקונפט [הויפּטזעכליך צו בעשפּרעכען ליטעראַטור און קונסט-פראַגען].

con′verse *n. and a.* (קאַנ′-וואַירס) אַ געשפּרעך; אונטעררעדונג; אומגאַנג; פערקעהר; געשלעכטליכער פערקעהר; דאַס געגענטייל; אַן אומגעקעהרטער זאַץ [למשל יעדע פון די זעצע: „נעגערס זיינען שוואַרץ" און „שוואַרצע מענשען זיינען נעגערס" זיינען אומגעקעהרט אין בעצוג פון איינעם צום צווייטען]; אומגעקעהרט; אומגעענדערט; געגענזייטיג.

converse′ *v.* (קאַנ-וואַירס′) פיהרען אַ געשפּרעך; האָבען אַן אונטעררעדונג; האָבען אומגאַנג, פערקעהרען.

con′versely *adv.* (קאַנ′-וואַירס-לי) אויף אַ פערקעהרטען אופן.

conver′ser *n.* (קאַנ-וואַיר′-סער) איינער וואָס נעהמט אנטייל אין אַ געשפּרעך.

conver′sible *a.* (קאַנ-וואַיר′-סיבל) וואָס קען אומגעענדערט ווערען, וואָס קען פערוואַנדעלט ווערען אין דעם געגענזאַץ.

conver′sing *n.* (קאַנ-וואַיר′-סינג) אַ געשפּרעך; פערקעהר.

conver′sion *n.* (קאַנ-וואַיר′-שאַן) אומענדערונג; אומוואַנדלונג; דער איבערגאַנג פון איין רעליגיאָן אָדער פּאַרטיי צו אַ צווייטער; דאַס תשובה-טהאָן; אין לאָגיק — די אומקעהרונג פון אַ זאַץ [ווי למשל: פערוואַנדלען דעם זאַץ "נעגערס זיינען שוואַרץ" אין — "שוואַרצע מענשען זיינען נעגערס"]; אין מיליטער — אומקעהרען דעם פראָנט; דאַס פערכאַפּען פרעמד אייגענטום.

convert′ *v.* (קאַנ-וואַירט′) אומקעהרען, אומענדערען, אומוואַנדלען; בעקעהרען צו אַן אַנדער גלויבען; פערווענדען [פאַר אַ נייעם געברויך]; אונגעזעצליך פערכאַפּען פרעמד אייגענטום; אומקעהרען אַ זאַץ [אין לאָגיק]; ברענגען דערצו, אַז איינער זאָל אָנהויבען תשובה צו טהאָן.

con′vert *n.* (קאַנ′-וואַירט) איינער וואָס בייט זיין רעליגיאָן אָדער זיינע פּרינציפּען; אַ בעל-תשובה.

conver′ter *n.* (קאַנ-וואַיר′-טער) איינער וואָס בעקעהרט אימעצען צו זיין גלויבען; אַ מאַשין, דורך וועלכער מען ענדערט די פאָרמע פון מעטאַלען.

convertibil′ity *n.* (קאַנ-וואַיר-טי-ביל′-אי-טי) די פעהיגקייט צו ווערען אומגעענדערט, אומגעוואַנדעלט, אומגעביטען.

conver′tible *a.* (קאַנ-וואַיר′-טיבל) וואָס קען אומגעוואַנדעלט, אומגעביטען, איבערגעענדערט ווערען; וואָס קען אָנגעווענדעט ווערען פאַר אַ נייעם געברויך; וואָס קען בעקעהרט ווערען.

conver′tible bonds (קאַנ-וואַיר′-טיבל באַנדז) אַ שולד-צעטעל וואָס אַן אַקציען-קאָמפּאַניע גיט אַרויס אויף אַ חוב, מיט דער בעדינגונג, אַז ווען דער אייגענטימער פון דיזען צעטעל וויל, קען ער בעקומען אַקציעס פון דער קאָמפּאַניע פאַר דער סומע געלד וואָס איהם קומט.

conver′tibleness *n.* (קאַנ-וואַיר′-טיבל-נעס) ז. *convertibility*

conver′tible sys′tem (קאַנ-וואַיר′-טיבל סיס′-טעם) די וועקסעל-סיסטעם [אין לאַנד-ווירטהשאַפט].

conver′tible terms (קאַנ-וואַיר′-טיבל טוירמז) פאַלשטענדיג עהנליכע אין בעדייטונג אויסדריקע; סינאָנימען.

conver′tibly *adv.* (קאַנ-וואַיר′-טי-בלי) אויף אַ געגענזייטיגען אופן; דורך אומענדערונג, אומוואַנדלונג, אומבייטונג.

conver′tor *n.* (קאַנ-וואַיר′-טאָר) אַן עלעקטרישער אַפּאַראַט וואָס פערוואַנדעלט עלעקטריציטעט פון הויכע שפּאַנונג [וואָלט] צו נידריגע.

con′vex *n. and a.* (קאַנ′-וועקס) קאַנוועקס, רונד אויסגעבויגען נאָך אויסען; אַ פלעכע וואָס איז רונד אויסגעבויגען נאָך אויסען.

con′vexed *a.* (קאַנ′-וועקסט) וואָס איז געמאַכט קאַנוועקס [רונד אויסגעבויגען נאָך אויסען].

convex′edly *adv.* (קאַנ-וועקס′-עד-לי) אויף אַ קאַנוועקסען אופן.

convex′edness *n.* (קאַנ-וועקס′-עד-נעס) דאָס זיין קאַנוועקס.

convex′ity *n.* (קאַנ-וועקס′-אי-טי) דאָס זיין קאַנוועקס [רונד אויסגעבויגען פון אויסענווענדיג].

con′vexly *adv.* (קאַנ′-וועקס-לי) אין אַ קאַנוועקסער פאָרם [רונד אויסגעבויגען פון אויסענווענדיג].

con′vexness *n.* (קאַנ′-וועקס-נעס) ז. *convexity*

convex′o-con′cave *a.* (קאַנ-וועקס′-אָ-קאַנ′-קייוו) פון איין זייט קאַנוועקס און פון דער אַנדערער זייט קאָנקאַוו [פון איין זייט רונד אויסגעבויגען פון אויסווענדיג און פון דער אַנדערער זייט רונד אויסגעבויגען פון אינווענדיג].

convex′o-con′vex *a.* (קאַנ-וועקס′-אָ-קאַנ′-וועקס) פון ביידע זייטען קאַנוועקס.

convex′o-plane *a.* (קאַנ-וועקס′-אָ-פּליין) פון איין זייט קאַנוועקס [רונד אויסגעבויגען נאָך אויסווענדיג] און פון דער אַנדערער זייט פלאַך.

convey′ *v.* (קאַנ-וויי′) 1. טראָגען; אַי-בערטראָגען, איבערגעבען; 2. אַרויסזאָגען, אויסדריקען.

1. The steamer **conveyed** the dead body of the admiral. 2. Please **convey** my best wishes to your wife.

convey′able *a.* (קאַנ-וויי′-עבל) וואָס קען איבערגעטראָגען אָדער איבערגעגעבען ווערען.

convey′ a mea′ning (קאַנ-וויי′ ע מיע′-נינג) אויסדריקען, בעדייטען.

The sentence as written **conveys a** different **meaning** than the author intended.

convey′ance *n.* (קאַנ-וויי′-ענס) דאָס איבערטראָגען, דאָס טראַנספּאָרטירען אָדער איבערפיהרען פון איין אָרט אויף דעם אַנדערען; דאָס איבערטראָגען דאָס רעכט אויף אייגענטום פון איין פּערזאָן צום אַנדערען; טראַנספּאָרטאַציאָנס-מיטעל [וועגען אָדער באַהנען וואָס טראַנספּאָרטירען מענשען אָדער סחורה].

convey′ancer *n.* (קאַנ-וויי′-ענ-סער) איינער וואָס טראָגט איבער דאָס רעכט אויף אייגענטום פון איין פּערזאָן צו אַן אַנדערען.

convey′ancing *n.* (קאַנ-וויי′-ענ-סינג) דאָס אויסשטעלען געזעצליכע פּאַפּיערען וועגען איבערטראָגען דאָס רעכט אויף אייגענטום פון איין פּערזאָן צום אַנדערען; געזעצען בנוגע דאָס רעכט אויף אייגענטום.

convey′er *n.* (קאַנ-וויי′-ער) אַ טראַנספּאָרטירער [איינער וואָס שיקט איבער סחורות אָדער זאַכען פון אָרט צו אָרט]; אַ געצייג אָדער אַנדערער מיטעל צו אַי-בעטראָגען זאַכען פון אָרט צו אָרט.

convey′ one's self (קאַנ-וויי′ הוואַנז סעלף) זיך בעגעבען [געהן ערגעץ וואו].

convey′or *n.* (קאַנ-וויי′-אָר) ז. *conveyer*

convict′ *v.* (קאַנ-וויקט′) גערעכטליך ער-קלערען אַלס שולדיג אין אַ פערברעכען; איבערצייגען די שולד אָדער די זינד פון אימעצען.

correspon'dingly *adv.* (קאר-ע-ספאנ'-דינג-לי) אויף א צוגעפאסטען שטייגער; ענטשפרעכענד.

correspon'ding sec'retary (קאר-ע-ספאנ'-דינג סעק'-רי-טע-רי) א סעקרעטער פון א פעראיין וואס פיהרט די קארעספאנדענץ פון פעראיין.

cor'ridor *n.* (קאר'-אי-דאהר) א קארידאר, א דורכגאנג אין א געביידע.

corrigibil'ity *n.* (קאר'-אי-דזשי-ביל'-אי-טי) דאס קענען זיין אויסגעבעסערט [ווי געוויסע שלעכטע מדות וואס קענען אויסגעבעסערט ווערען].

cor'rigible *a.* (קאר'-אי-דזשיבל) וואס קען אויסגעבעסערט אדער פערריכט ווערען.

cor'rigibleness *n.* (קאר'-אי-דזשיבל-נעס) ז. *corrigibility*

corri'val *n., a. and v.* (קא-ראי'-וועל) א קאנקורענט, איינער וואס שטרייט מיט'ן אנדערען אין דערגרייכען די זעלביגע זאך; קאנקורירענד; קאנקורירען.

corrob'orant *n. and a.* (קא-ראב'-א-רענט) וואס קרעפטיגט; א מעדיצין צום קרעפטיגען.

corrob'orate *v.* (קא-ראב'-א-רייט) בעקרעפטיגען, בעשטעטיגען [גאנץ אונאבהענגיג זאגען דאס זעלבע וואס איינער האט געזאגט און דערמיט בעשטעטיגען זיינע רייד].

The plaintiff testified. The evidence of five other witnesses **corroborated** his testimony.

corrob'orater *n.* (קא-ראב'-א-ריי-טער) איינער וואס בעשטעטיגט אדער בעקרעפטיגט [אימעצענס רייד].

corrobora'tion *n.* (קא-ראב-א-ריי'-שאן) דאס בעקרעפטיגען, דאס בעשטעטיגען; עפעס וואס איז בעשטעטיגט.

corrob'orative *n. and a.* (קא-ראב'-א-ריי-טיוו) וואס בעשטעטיגט; וואס קרעפטיגט; א קרעפטיגונגס=מיטעל.

corrob'oratory *a.* (קא-ראב'-א-ריי-טא-רי) וואס קרעפטיגט.

corrode' *v.* (קא-ראוד') צופרעסען, אויספרעסען [הויפטזעכליך וועגען כעמישער ווירקונג].

The action of the air tends to **corrode** iron.

corro'dent *a. and n.* (קא-ראו'-דענט) צופרעסענד; א כעמישער שטאף וואס צופרעסט.

corrodibil'ity *n.* (קא-ראו-די-ביל'-אי-טי) דאס וואס קען צופרעסען ווערען [דורך א כעמישער ווירקונג].

corro'dible *a.* (קא-ראו'-דיבל) וואס קען צופרעסען ווערען [דורך א כעמישער ווירקונג].

corrosibil'ity *n.* (קא-ראו-סי-ביל'-אי-טי) ז. *corrodibility*

corro'sible *a.* (קא-ראו'-סיבל) ז. *corrodent*

corro'sion *n.* (קא-ראו'-זשאן) דאס צופרעסען [הויפטזעכליך דורך כעמישע ווירקונג].

corro'sive *a. and n.* (קא-ראו'-סיוו) צופרעסענד; עפעס וואס צופרעסט [ווי א כעמישער שטאף].

corro'sively *adv.* (קא-ראו'-סיוו-לי) דורך צופרעסונג; אויף א צופרעסענדען אדער צושטערענדען אופן; ווי א צופרעסענדער כעמישער שטאף.

corro'siveness *n.* (קא-ראו'-סיוו-נעס) די איינגענשאפט פון קענען צופרעסען; אן איינגענשאפט פון א כעמישען שטאף וואס צופרעסט.

corro'sive sub'limate (קא-ראו'-סיוו סאב'-לי-מייט) קוועקזילבער=כלאריד [אזא כעמישער שטאף וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט פון גלייכע טיילען פון געוועהנליכע זאלץ און קוועקזילבער].

corrosiv'ity *n.* (קאר-א-סיוו'-אי-טי) ז. *corrosiveness*

cor'rugant *a.* (קאר'-או-גענט) וואס קען

זיך קנייטשען, אדער זיך אויסלעגען אין פאלדען; וואס קען צוזאמענגעשרומפען ווערען.

cor'rugate *v. and a.* (קאר'-או-גייט) צוקנייטשען; אויסלעגען אין פאלדען; צוקנייטשט, אויסגעלעגט אין פאלדען, צוזאמענגעשרומפען.

cor'rugated *a.* (קאר'-או-גיי-טעד) גענקנייטשט, צוזאמענגעשרומפען.

cor'rugated pa'per (קאר'-או-גיי-טעד פיי'-פער) דיקעס, שארסטקעס פאקפאפיער, גענקנייטשט אין פאלדען, אום עס צו מאכען עלאסטיש.

corruga'tion *n.* (קאר-או-גיי'-שאן) קנייטשונג; א קנייטש; דאס זיין גענקנייטשט אדער אין פאלדען.

cor'rugator *n.* (קאר'-או-גיי-טאר) אין מעדיצין — א מוסקעל וואס ציהט צונויף אין קנייטשען [ווי למשל דער אויגענברעמען־מוסקעל].

corrupt' *v. and a.* (קא-ראפט') קארופטירען, פערדארבען, ברייגנען צו א צושטאנד פון פוילען; פערפעלשען; אראבפיהרען פון גוטען וועג; אונטערקויפען; געבען שוחד; אנשטעקען, פערגיפטען [מיט קראנקהייטען]; ווערען קארופט; ווערען אונריין, פערדארבען, פערפוילט; פערדארבען; אונעהרליך; אראבגעפיהרט פון גוטען וועג; אונטערגעקויפט; פערפעלשט; פאלש.

corrup'ted *a.* (קא-ראפ'-טעד) פערדארבען; אונריין, פערפעלשט; אונטערגעקויפט; אראבגעפיהרט פון גוטען וועג.

corrup'ted prac'tice (קא-ראפ'-טעד פרעק'-טיס) שוחד, בעשטעכונג, דאס אונטערקויפען אימיצען, דאס זיין אונטערגעקויפט.

corrup'ter *n.* (קא-ראפ'-טער) פערדערבער, פערפיהרער; פערפעלשער.

corruptibil'ity *n.* (קא-ראפ-טי-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט, מעגליכקייט אדער נייגונג צו ווערען פערדארבען, פערפיהרט, פערפעלשט אדער אונטערגעקויפט.

corrup'tible *a.* (קא-ראפ'-טיבל) וואס קען ווערען פערפעלשט, פערדארבען אדער פערפוילט; וואס קען ווערען קארופט, וואס קען אראבגעפיהרט ווערען פון גלייכען וועג; וואס קען אונטערגעקויפט ווערען.

corrup'tibleness *n.* (קא-ראפ'-טיבל-נעס) דאס קענען פערדארבען ווערען אדער פערפעלשט ווערען; די נייגונג אנצונעהמען שוחד, מאראליש פערדארבען ווערען.

corrup'tibly *adv.* (קא-ראפ'-טי-בלי) אויף א פערדארבענדען אופן; דורך פערפעלשונג; דורך שוחד.

corrup'tion *n.* (קא-ראפ'-שאן) קארופציאן; פערדארבונג; פערדארבענהייט; דאס פוילען; דאס פערפעלשען; פעלשונג; אונעהרליכקייט; אונריינקייט; דאס זיין אדער דאס ווערען אונטערגעקויפט; שוחד; אייטער פון א וואונד; דער שאנדפלעק, וואס א פערברעכער ברייגנט דורך זיין פערברעכען זיין פאמיליע.

corrup'tionist *n.* (קא-ראפ'-שאנ-איסט) א פערטיידיגער פון קארופציאן אדער פון מאראלישער פערדארבענהייט; איינער וואס גיט שוחד [כאבאר].

corrup'tive *a.* (קא-ראפ'-טיוו) קארופטירענד, וואס האט די פעהיגקייט צו פערדארבען אדער אנצושטעקען [מיט א קראנקהייט].

corrupt'less *a.* (קא-ראפט'-לעס) וואס קען נים קארופטירט ווערען; וואס קען נים פערדארבען ווערען; עהרליך.

corrupt'ly *adv.* (קא-ראפט'-לי) אויף א פערדארבענעם אדער פערדארבענדען אופן; דורך אונעהרליכקייט; דורך קריגען כאבאר אדער זייטיגע אונגעזעצליכע און אונעהרליכע הכנסות פון אן אמט.

corrupt'ness *n.* (קא-ראפט'-נעס) דאס זיין קארופטירט, פערדארבען, אונעהרליך; דאס זיין פויל אדער פערפעלשט.

corrupt'ress *n.* (קא-ראפט'-רעס) איינע וואס פערדארבט, פיהרט אראב פון דרך הישר.

cor'sac *n.* (קאהר'-סעק) דער קארסאק [א סטעפען־פוקס].

cor'sage *n.* (קאהר'-סאזש) א קארסאזש [דער אויבערשטער טייל פון א פרויען־קלייד פון דער טאליע ביז'ן האלז, אויסער די ארבעל].

cor'sair *n.* (קאהר'-סעהר) א ים־רויבער; א רויבער־שיף; אזא פיש.

cor'sak *n.* (קאהר'-סעק) ז. *corsac*

corse *n.* (קאהרס) א מת; א טויטער קערפער [הויפטזעכליך פון א מענשען].

cor. sec. אן אבקירצונג פון *corresponding secretary*

corse'let *n. and v.* (קאהרס'-לעט) א פאנצער־קלייד; א ברוסט־פאנצער; דער טייל פון קערפער ביי אינזעקטען, וואו עס געפינען זיך די פליגעלעך און די פיסלעך; ארומנעהמען מיט א פאנצער אדער ווי מיט א פאנצער.

cor'set *n. and v.* (קאהר'-סעט) א קארסעט; איינשנורעווען אין א קארסעט.

cors'let *n. and v.* (קאהרס'-לעט) ז. *corselet*

cors'ned *n.* (קאהרס'-נעד) א געהייליגט שטיקעל ברויט אדער קעז, וואס מען פלעגט אין ענגלאנד אין מיטעלאלטער געבען אויפעסען א בעשולדיגטען, אום אויסצוגעפינען, אויב ער איז שולדיג [מען האט דאן געגלויבט, אז אויב דער בעשולדיגטער איז ווירקליך שולדיג, וועט ער פון דעם שטיקעל ברויט אדער קעז קראנק ווערען].

cors'sy *a.* (קאהר'-סי) קארופט.

cortège' *n.* (קאהר-טייזש') א סוויטע; בעגלייטונגס־בעדיענטע; א פראצעסיאן; א פראצעסיאן ביי א לויה.

Cor'tes *n.* (קאהר'-טעס) דער שפאנישער אדער פארטוגעזישער פארלאמענט.

cor'tex *n.* (קאהר'-טעקס) א קארע, א שאלעכץ; די קארע פון א ביניז־בוים; עטוואס וואס איז קארע־ארטיג [וועגען קערפער־טיילען ביי מענשען און חיות]; די אויבערשטע שיכט [אלס מעדיצינישער אויסדרוק, ווי די אויבערשטע שיכט פון מארך א. ד. ג.].

cor'tical *a.* (קאהר'-טי-קעל) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו קארע; אויסערליך, וואס דעקט צו פון אויבען, וואס בעלאנגט צו דער אויבערשטער שיכט [אלס מעדיצינישער אויסדרוק, ווי דער אויבערשטער טייל פון מארך].

cor'ticate *a.* (קאהר'-טי-קייט) וואס האט א קארע אדער א דיקע שאלעכץ.

cor'ticated *a.* (קאהר'-טי-קיי-טעד) ז. *corticate*

cor'ticating *a.* (קאהר'-טי-קיי-טינג) וואס דיענט אלס קארע, שאלעכץ אדער אויסערליכער צודעק; וואס בילדעט די קארע.

cortica'tion *n.* (קאהר-טי-קיי'-שאן) דאס אויסבילדען זיך אין א קארע אדער א שאלעכץ.

cortic'ic *a.* (קאהר-טיס'-איק) וואס איז געמאכט פון אדער האט א שייכות צו קארק.

corticif'erous *a.* (קאהר-טי-סיפ'-ע-ראס) וואס ברייגנט ארוים קארע אדער עפעס וואס איז עהנליך צו קארע.

cortic'iform *a.* (קאהר-טיס'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו קארע.

cortici'ic *a.* (קאהר-טי-סינ'-איק) ז. *corticic*

cor'ticose *a.* (קאהר'-טי-קאוס) וואס איז געמאכט פון קארע; וואס איז ווי קארע; וואס האט אויף זיך א דיקע שאלעכץ; וואס האט אן אויסערליכען צודעק [אלס מעדיצינישער אויסדרוק, ווי די אויבערשטע שיכט פון מארך];

cor'ticous *a.* (קאהר'-טי-קאס) ז. *corticose*

corun'dum *n.* (קא-ראנ'-דאם) קארונד, דימאנטשפאט, אלומיניום־אקסיד [ווערט געברויכט צום פאלירען. די קאלירטע טיילען פון'ם קארונד זיינען עדעל־שטיינער].

corus'cate *v.* (קא-ראס'-קייט) פינקלען; גלענצען; פלוצלונג אויפפלאמען, אויפבליצען.

corusca'tion *n.* (קאר-אס-קיי'-שאן) דאס פינקלען, בלישטשען, פלאמען, בליצען; דאס פלוצלונגע אויפפלאמען אדער אויפבליצען; ליכט־גלאנץ.

corve *n.* (קאהרוו) ז. *corf*

corvée' *n.* (קאהר-וויי') געצוואונגענע ארבייט [ווי פעררירכטען וועגען א. ד. ג.] פאר דעם הערשער אדער אייגענטימער פון לאנד [אין דער פעאדאלער ארדנונג].

corvette' *n.* (קאהר-וועט') א קארוועטע [א קליינע הילצערנע קריעג־שיף].

corvet'to *n.* (קאהר-וועט'-או) ז. *curvet*

cor'vine *a.* (קאהר'-ווין) וואס געהערט צו דעם מין וואראנעס אדער קראהען; וואס איז עהנליך צו א וואראנע.

Corvul'tur *n.* (קאהר-וואל'-טער) א מין אפריקאנישע קראהען, וואס האבען שנאבלען ווי א קארשון.

Cor'vus *n.* (קאהר'-וואס) דער מין ראבען; א נאמען פון א געוויסער גרופע פון פיער שטערען [אין דער אלטער אסטראנאמיע].

cor'vus *n.* (קאהר'-וואס) אן אינסטרומענט, וואס איז פון די אלטע רוימער געברויכט געווארען צו צוברעכען פעסטונגסווענט אדער שיפען.

cor'ybant *n.* (קאר'-אי-בענט) אזא גאטהייט אין אלטען פריגיען [אין קליין אזיען]; א גלח אין דעם טעמפעל פון דער פריגישער געטין סיבעלע; א פאנאטיש־גלויביגער; א קאריבאנט [איינער וואס קומט אריין אין ווילדען עקסטאז, וואס ווערט ווילד, וואס ווערט ווילד און משוגע פון עקסטאז אזוי אז ער הויבט אן צו זעהן פאנטאסטישע בילדער].

coryban'tiasm *n.* (קאר-אי-בענ'-טי-עזם) ז. *corybantism*

coryban'tic *a.* (קאר-אי-בענ'-טיק) ווילד אויפגערעגט; וואס איז אין א ווילדען עקסטאז; וואס ליידט פון קאריבאנטיזם [אזא משוגעת, ווען מען זעהט וואכענד פאנטאסטישע בילדער].

cor'ybantism *n.* (קאר'-אי-בענ-טיזם) קאריבאנטיזם [א פאטאלאגישער צושטאנד, ווען דער קראנקער זעהט וואכענד פאנטאסטישע בילדער].

cor'ymb *n.* (קאר'-אימב) ביי פלאנצען, וועלכע די בלומען אדער די פרוכטען וואקסען אין א פלאכען אדער האלב-רונדען בינטעל.

Corymb

corym'biate *a.* (קא-רים'-בי-אייט) ארויסברייננגענדיג בלומען אדער פרוכטען אין פלאכע אדער האלב-רונדע בינטלעך [וועגען פלאנצען].

corym'biated *a.* (קא-רים'-בי-איי-טעד) ז. ***corymbiate***

corymbif'erous *a.* (קאר-אים-ביפ'-ע-ראס) ז. ***corymbiate***

corym'bose *a.* (קא-רים'-באוס) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו פלאנצען, וואס זייערע פרוכטען אדער בלומען וואקסען אין פלאכע אדער האלב-רונדע בינטלעך.

corym'bous *a.* (קא-רים'-באס) ז. ***corymbose***

coryphæ'us *n.* (קאר-אי-פי'-אס) ז. ***corypheus***

coryphée' *n.* (קא-רי-פיי') די הויפט-טענצערין אדער הויפט-טענצער אין א באלעט.

coryphe'us *n.* (קאר-אי-פי'-אס) דער פיהרער פון די כאר-טענץ אין דער אלטער גריכישער דראמא; דער פיהרער פון א כאר; א פיהרער.

cory'za *n.* (קא-ראי'-זא) קאטער [אן ענטצינדונג אין נאז און אין האלז וואס קומט פון פערקיהלונג].

cose'cant *n.* (קאו-סי'-קענט) די קאזעקאנטע [אן אויסדרוק אין דער טריגאנאמעטריע צו בעצייכנען א געוויסע בעציהונג פון צוויי זייטען פון א דריי-עק צו זיינע ווינקלען. דיזע בעציהונג ווערט אימער אויסגעדריקט אין א צאהל, וואס איז העכער ווי 1, אדער וואס קען זיין גלייך צו 1].

cosec'tional *a.* (קאו-סעק'-שאנ-על) אין באטאניק — וואס בעלאנגט צו דער זעלביגער סעקציאן [נאטירליכע גרופע].

cos'en *v.* (קאזן) אבנארען, ארייננארען.

cosen'tient *a.* (קאו-סענ'-שיענט) בעמערקענד אדער פיהלענד צוזאמען מיט אנדערע.

co'sey *a.* (קאו'-זי) בעקוועם, ווארם, געמיטליך.

He retired to his **cosey** study and began to read.

cosh'er *v.* (קאש'-ער) שפייזען מיט זיסע זאכען, צערטלען; זיין פריינדליך מיט איינעם; פיהרען א שמועס; צווינגען צו געבען כיבוד אדער אונטערהאלטונג, ווי שפייז, וואהנונג א. ד. ג.

cosh'ering *n.* (קאש'-ער-אינג) דאס רעכט פון פעאדאל [פריץ] אין מיטעלאלטער צו וואהנען ביי זיינע אונטערטהאנען און לעבען אויף זייער רעכנונג.

cosh'ery *n.* (קאש'-ער-אי) ז. ***coshering***

cosig'natory *a. and n.* (קאו-סיג'-נע-טא-רי) וואס איז פערבונדען מיט אן אנדערען אין אונטערשרייבען א קאנטראקט; איינער, וועלכער שרייבט אונטער מיט נאך אנדערע א קאנטראקט.

Nearly all the nations of the world were **cosignatories** to the Hague arbitration treaty.

cosignif'icative *a.* (קאו-סיג-ניפ'-אי-קיי-טיוו) וואס האט דיזעלביגע בעדייטונג.

co'sily *adv.* (קאו'-זי-לי) מיט בעקוועמליכקייט; אויף א בעקוועמליכען אופן.

cos'inage *n.* (קאז'נ-עדזש) בלוט-פערוואנדשאפט.

co'sine *n.* (קאו'-סאין) קאזינוס [אן אויסדרוק אין דער טריגאנאמעטריע וועלכער בעצייכענט א געוויסע בעציהונג פון צוויי זייטען פון א דריי-עק אין בעצוג צו דעם ווינקעל, וועלכען זיי שליסען איין. דיזע בעציהונג ווערט אימער אויסגעדריקט אין א געוויסער צאהל, וואס קען ניט זיין העכער ווי 1].

cos'mete *n.* (קאס'-מיעט) א הויכער בעאמטער אין אלט-גריכענלאנד, וועלכער האט געהאט די אויפזיכט איבער דער ערציהונג פון יונגע לייט צו מאכען פון זיי גוטע בירגער.

cosmet'ic *a. and n.* (קאז-מעט'-איק) פערשעהנערענד; וואס גיט צו שעהנקייט; קאסמעטיקע, מיטלען צו מאכען שעהנער דעם קערפער, ווי פודרע, פארפיומען, א. ד. ג.].

cosmet'ical *a.* (קאז-מעט'-אי-קעל) ז. ***cosmetic***

cosmetol'ogy *n.* (קאז-מי-טאל'-א-דזשי) די לעהרע ווי אזוי אויפצוהאלטען דעם קערפער שעהן און ריין.

cos'mic *a.* (קאז'-מיק) וואס געהערט צום קאסמאס [ז. ***cosmos***] וואס איז שייך צו דער פילאזאפישער לעהרע וועגען קאסמאס; אונגעהויער בריים; אין אסטראנאמיע — וואס עס קומט פאר אין הימעל פאר'ן זונען-אויפגאנג.

cos'mical *a.* (קאז'-מי-קעל) ז. ***cosmic***

cos'mically *adv.* (קאז'-מי-קעל-אי) בנוגע צום קאסמאס [ז. ***cosmos***]; מיט'ן זונען-אויפגאנג.

cos'mism *n.* (קאז'-מיזם) די פילאזאפישע שטה וועגען וועלט-אל געגרינדעט אויף דער ענטוויקלונגס-לעהרע.

cosmocrat'ic *a.* (קאז-מא-קרעט'-איק) וואס איז שייך צו אן אלוועלטליכער מאנארכיע.

cosmog'onal *a.* (קאז-מאג'-א-נעל) קאסמאגאניש, וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען די בעשאפונג פון דער וועלט.

cosmogon'ic *a.* (קאז-מא-גאנ'-איק) קאסמאגאניש, וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט.

cosmogon'ical *a.* (קאז-מא-גאנ'-איק-על) ז. ***cosmogonic***

cosmog'onist *n.* (קאז-מאג'-א-ניסט) דער וואס בעשרייבט די ענטשטעהונג פון וועלט-אל; דער וואס איז בעקאנט מיט די לעהרען וועגען די ענטשטעהונג פון דער וועלט.

cosmog'ony *n.* (קאז-מאג'-א-ני) די לעהרע וועגען די ענטשטעהונג פון דער וועלט.

cosmog'rapher *n.* (קאז-מאג'-רע-פער) דער וואס שטודירט קאסמאגראפיע [די בעשרייבונג פון דער ערד און הימלען].

cosmograph'ic *a.* (קאז-מא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו קאסמאגראפיע.

cosmograph'ical *a.* (קאז-מא-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***cosmographic***

cosmograph'ically *adv.* (קאז-מא-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א קאסמאגראפישען ארט, אויף'ן ארט פון בעשרייבען די ערד מיט די שטערען און פלאנעטען.

cosmog'raphist *n.* (קאז-מאג'-רע-פיסט) ז. ***cosmographer***

cosmog'raphy *n.* (קאז-מאג'-רע-פי) קאסמאגראפיע [בעשרייבונג און צייכנונגען פון דער ערד און די הימלען].

cos'molabe *n.* (קאז'-מא-לייב) ז. ***astrolabe***

cosmol'atry *n.* (קאז-מאל'-ע-טרי) דאס דיענען די וועלט און איהרע ערשיינונגען אלס א גאט.

cosmolog'ic *a.* (קאז-מא-לאדזש'-איק) ז. ***cosmological***

cosmolog'ical *a.* (קאז-מא-לאדזש'-איק-על) קאסמאלאגיש, וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען די געזעצען וואס הערשען אין וועלט-אל.

cosmolog'ically *adv.* (קאז-מא-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א קאסמאלאגישען ארט, לויט דער לעהרע וועגען די געזעצען, וועלכע הערשען אין וועלט-אל.

cosmol'ogist *n.* (קאז-מאל'-א-דזשיסט) דער וואס פארשט די פראבלעמען פון קאסמאלאגיע. ז. ***cosmology***

cosmol'ogy *n.* (קאז-מאל'-א-דזשי) קאסמאלאגיע [די לעהרע וועגען וועלט-אל, וועגען זיינע עלעמענטען און געזעצען].

cosmom'etry *n.* (קאז-מאמ'-ע-טרי) וועלט-אויסמעסטונג; דאס אויסמעסטען פון דער וועלט [דורך גראדען, מינוטען, געאגראפישע לענג, געאגראפישע בריים א. ד. ג.].

cosmoplas'tic *a.* (קאז-מא-פלעס'-טיק) וואס געהערט צו דער אויסבילדונג פון דער וועלט.

cosmopol'itan *a. and n.* (קאז-מא-פאל'-אי-טען) קאסמאפאליטיש; וואס בעלאנגט צו דער גאנצער וועלט; ניט פערבונדען מיט קיין בעשטימטען ארט; פריי פון לאקאלע און נאציאנאלע פאראורטיילען; וואס פיהלט זיך אין אלע טיילען פון דער וועלט ווי ביי זיך אין דער היים; ברייט פערשפרייט איבער דער וועלט [ווי למשל, געוויסע מינים פלאנצונגען אדער חיות]; א קאסמאפאליט, א וועלט-בירגער.

cosmopol'itanism *n.* (קאז-מא-פאל'-אי-טענ-איזם) ז. ***cosmopolitism***

cosmop'olite *a. and n.* (קאז-מאפ'-א-לאיט) אלגעמיין; קאסמאפאליטיש; א וועלט-בירגער; איינער וואס איז היימיש אין דער גאנצער וועלט; א פלאנץ אדער חיה וואס געפינט זיך אומעטום.

cosmopolit'ical *a.* (קאז-מא-פא-ליט'-אי-קעל) קאסמאפאליטיש; וואס בעלאנגט ניט צו קיין נאציאן.

cosmop'olitism *n.* (קאז-מאפ'-א-לאי-טיזם) וועלט-בירגערשאפט.

cosmora'ma *n.* (קאז-מא-רא'-מא) א מין פאנאראמע, אין וועלכער דער צושויער זעהט א סעריע בילדער פון לאנדשאפטען, שטעדט און געביידען אין זייער נאטירליכער גרויס.

cos'mos *n.* (קאז'-מאס) דער קאסמאס [די גאנצע וועלט מיט די הימלען און שטערען אלס א הארמאנישע גאנצע].

cos'moscope *n.* (קאז'-מא-סקאופּ) אן אינסטרומענט צו צייגען די פּאזיציאָן, די בעציהונג און די בעוועגונג פון דער זון, ערד און לבנה.

cos'mosphere *n.* (קאז'-מא-ספיער) אן אפּאראט וואס צייגט די פּאזיציאָן פון דער ערד בנוגע צו בעשטימטע שטערען.

cos'motheism *n.* (קאז'-מא-טהיע-איזם) די לעהרע, אז גאט און די וועלט איז איינע און דיזעלבע זאך; פּאנטהעאיזם.

cosmothet'ic *a.* (קאז-מא-טהעט'-איק) וואס גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אן אויסערליכער וועלט [עולם האצילות].

Cosne *n.* (קאָן) א מין רויטער וויין [ווערט פּראָדוצירט אין פראנקרייך].

Cos'sack *n.* (קאס'-עק) א קאזאק.

cos'sas *n.* (קאס'-עז) אינדישער מוסלין [אזא מין דינער לייווענד].

cos'set *n. and v.* (קאס'-עט) א לעמעלע, וואס איז אויפגעהאָדעוועט געווארען אהן דער מוטער; א ליעבלינג; צערטלען; איידעל ערציהען.

cost *v. and n.* (קאהסט) אויסרופען דעם פרייז [ווי אויף א בערזע]; פאדערען אדער פרעגען דעם מקח; קאסטען; זיין די אורזאכע פון א פערלוסט; דער מקח, פרייז; די אויסגאבען, הוצאות; דער ווערטה; די רעכנונג.

cas'ta *n.* (קאס'-טא) א ריפּ; א ראנד, א זייט.

cos'tal *a.* (קאס'-טעל) וואס געהערט צו די ריפּען אדער צום זייט פון קערפּער.

cos'tate *a.* (קאס'-טייט) מיט ריפּען.

cos'tated *a.* (קאס'-טיי-טעד) ז. ***costate***

costean' *v.* (קאס-טיען') אונטערזוכען א שאכטע [מינע] דורך גראבען טיעפע גריבער אין דעם באדען פון דער שאכטע.

costea'ning *n.* (קאס-טיע'-נינג) דאס אונטערזוכען א שאכטע [מינע] דורך גראבען טיעפע גריבער אין באדען פון דער שאכטע.

costean'-pit *n.* (קאס-טיען'-פּיט) אן אויסגעגראבענע גרוב צו אונטערזוכען דעם באדען פון א שאכטע [מינע].

cos'ter *n.* (קאס'-טער) ז. ***costermonger***

cos'ter-boy *n.* (קאס'-טער-באי) א אינגעל וואס פערקויפט אין גאס פרוכט, גרינסען א. ד. ג.

cos'termonger *n. and a.* (קאס'-טער-מאנ-גער) א גאסען-פערקויפער פון פרוכט, גרינסען א. ד. ג. וואס שרייט אויס זיין סחורה; געלדזיכטיג; געמיין.

cost'-free *adv.* (קאהסט'-פריע) קאסטענפריי.

costicar'tilage *n.* (קאס-טי-קאר'-טי-לײדזש) ריפּ-כראמישקע.

costif'erous *a.* (קאס-טיפ'-ע-ראס) וואס האט ריפּען.

cos'tiform *a.* (קאס'-טי-פארם) וואס האט די פארם פון א ריפּ.

costiser'vical *a.* (קאס-טי-סויר'-ווי-קעל) וואס איז שייך צו די ריפּען און האלז.

costispi'nal *a.* (קאס-טי-ספּאי'-נעל) וואס האט ריפּען און א רוקען-ביין [וועגען חיות].

cos'tive *a.* (קאס'-טיוו) וואס ליידט פון פערשטאפּונג [עצירות]; הארטלייביג.

cos'tively *adv.* (קאס'-טיוו-לי) מיט פערשטאפּונג [עצירות].

cos'tiveness *n.* (קאס' טיוו-נעס) פערשטאפּונג [עצירות].

cost'less *a.* (קאהסט'-לעס) אהן קאסטען, וואס קאסט גארנים.

cost'liness *n.* (קאהסט'-לי-נעס) טהייערקייט, קאסטשפּיעליגקייט.

cost'ly *a. and adv.* (קאהסט'-לי) טהייער, קאסטשפּיעליג; אויף א טהייערען, קאסטשפּיעליגען אופן.

I received a **costly** birthday gift.

cost'mary *n.* (קאסט'-מע-רי) פרויען-מינצע [א גארטען-פלאנצע וואס וואקסט אין זיד-אייראפּא און האט זעהר גוט שמעקענדע בלעטער].

cost'-price *n.* (קאהסט'-פּראיס) קאסטען-פרייז [קרן].

The goods were sold at **cost-price.**

cos'trel *n.* (קאס'-טרעל) אזא אלטע לייטענע אדער הילצערנע פלאש מיט צוויי אויערען.

cost'-sheet *n.* (קאהסט'-שיעט) א קאסטען-רעכנונג פון אן אונטערנעהמונג.

cos'tume *n.* (קאס'-טיום) א קאסטיום.

costume' *v.* (קאס-טיום') אנטהאן א קאסטיום; זיך אויספּוצען אין א קאסטיום [ווי פאר א באל א. ד. ג.].

cos'tumed *a.* (קאס'-טיומד) אויסגעפּוצט אין א קאסטיום.

The mourners we-e **costumed** in black.

costu'mer *n.* (קאס-טיו'-מער) איינער וואס פערפארטיגט אדער פערבארגט קאסטיומען [פאר בעלער, טעאטער א. ד. ג.].

cost what it may (קאהסט הוואט איט מיי) עס מעג קאסטען וואס עס וויל; עס מעג דונערען און בליצען.

cosupreme' *n. and a.* (קא-סו-פּריעם') א מיט-רעגיערער, מיט-הערשער; מיט-הערשענד.

cosure'ty *n.* (קא-שור'-טי) א מיט-ערוב [דער וואס איז מיט נאך איינעם ערוב פאר אימעצען].

co'sy *n. and a.* (קאָ'-זי) בעקוועם,ווארעם; אזא קאלפּאק מיט וועלכען מען בעדעקט א טהעע-קענדעל, אז דיא טהעע זאל ניט קאלט ווערען.

cot *n.* (קאט) א דארפישעס הייזעל; א בעטעל; א וויגעלע; א שיידעלע [אויף א פינגער צו פערהיטען איהם פון א וואונד].

cotan'gent *n.* (קאָ-טענ'-דזשענט) א קאטאנגענטע [א געוויסע בעציהונג צווישען די זייטען-ליניעס פון דריי-עק אין טריגאנאמעטריע].

cot'-bed *n.* (קאט'-בעד) א וויגעלע.

cot'betty *n.* (קאט'-בעט-אי) א מאן אין א ספּאדניצע [א מאן וואס טהוט די הויז-ארבייט פון דער פרוי].

cote *n.* (קאוט) א שעפּסען-שטאל.

côtelette' *n.* (קאָ-טע-לעט') א קאטלעט.

cotempora'neous *a.* (קאָ-טעמ-פּא-ריי'-ני-אס) ז. ***contemporaneous***

cotem'porary *n. and a.* (קאָ-טעמ'-פּא-רע-רי) ז. ***contemporary***

coten'ancy *n.* (קאָ-טענ'-ען-סי) דאס זיין א מיט-בעוואהנער אדער א מיט-פּאכטער [פון א הויז].

coten'ant *n.* (קאָ-טענ'-ענט) א מיט-בעוואהנער [אין א הויז].

co'terie *n.* (קאָ'-טע-רי) א געזעלשאפט, א קרייז פון פּערזאנען וואס פערזאמלען זיך פאר וויסענשאפטליכע אדער ליטעראַרישע אונטערהאלטונגען אדער דיסקוסיאנען.

coter'minous *a.* (קאָ-טויר'-מי-נאס) ז. ***conterminous***

cot'gare *n.* (קאט'-גייר) אבפאל פון וואל אדער פלאקס.

cothur'nal *a.* (קא-טהויר'-נעל) וואס איז שייך צו די קורצע שטיוועל [האלב-שטיוועל] וואס די גריכישע אדער רוימישע אקטיארען פלעגען טראגען ביים שפּיעלען; טראגיש; וואס איז שייך צו דראמא.

cothur'nate *a.* (קא-טהויר'-נייט) אנגעטהאן אין קורצע שטיוועל [האלב-שטיוועל]; טראגיש.

cothur'nated *a.* (קא-טהויר'-ניי-טעד) ז. ***cothurnate***

cothur'nus *n.* (קא-טהויר'-נאס) אזעלכע קורצע שטיוועל [האלב-שטיוועל] וואס די גריכישע אדער רוימישע אקטיארען פלעגען טראגען ביים שפּיעלען; א טראגעדיע.

cotic'ular *a.* (קא-טיק'-יו-לער) וואס איז שייך צו א שארפשטיין; וואס איז עהנליך צו א שארפשטיין.

coti'dal *a.* (קאָ-טאי'-דעל) פון גלייכער פלוט [אין בעצוג צו דער הויבונג פון וואסער אין ים וואס פערגיסט דעם ברעג יעדען טאג אין דערזעלבער צייט].

cotil'lion *n.* (קא-טיל'-יאן) קאטיליאן [א מין טאנץ]; א מין וואלענע געוואנד פון ווייס און שווארץ פאר פרויען-קליידער.

cot'land *n.* (קאט'-לענד) דאס לאנד וואס געהערט צו א הייזעל.

cot'quean *n.* (קאט'-קהוויען) א מאן וואס טהוט פרויען-ארבייט; א מאן-עהנליכע פרוי.

cotrustee' *n.* (קאָ-טראס-טיע') א מיט-נאמן [דער ווער עס איז א נאמן נאך מיט איינעם].

cots'wold *n.* (קאטס'-הוואולד) אן אפען גרין-בעוואקסען פעלד וואס ווערט בענוצט פאר פיטערען שעפּסען.

cot'tage *n.* (קאט'-עדזש) א דארפיש אדער איינפאך הייזעל; א ניט זעהר גרויס הויז אין א זומער-פּלאץ אדער אין א פארשטאדט; א הויז אין א פערגניגונגס-פּלאץ.

cot'tage cheese (קאט'-עדזש טשיעז) צווארעך.

cot'taged *a.* (קאט'-עדזשד) פערבויט מיט קליינע הייזעך.

cot'tager *n.* (קאט'-ע-דזשער) איינער וואס וואהנט אין א דארפישען הייזעל אדער אין א הויז אין א פערגניגונגס-פּלאץ.

cot'ter *n.* (קאט'-ער) איינער וואס וואהנט אין א קליין דארפיש הייזעל; א קלין [א קייל] צו פערפעסטיגען א מאשינען-טייל, אז ער זאל זיצען פעסט און זאל זיך ניט דרעהען

cot'ter-drill *n.* (קאט'-ער-דריל) אזא דריל צום בויערען לעכער וואו עס דארף אריינגעשלאגען ווערען א קלין [א קייל].

cot'tered *a.* (קאט'-ערד) צונויפגעשלאסען מיט א קלין [א קייל].

cot'terel *n.* (קאט'-ער-על) א קלין [קייל] צו בעפעסטיגען א מאשינען-טייל, ער זאל זיצען פעסט און ניט דרעהען זיך.

cot'tier *n.* (קאט'-אי-ער) איינער וואס וואהנט אין א דארפיש הייזעל.

cot'ton *n., a. and v.* (קאטן) וואטע; באוועל; באוועל-פאדים; באוועל-שטאף; באוועל-פלאנצע; געמאכט פון באוועל; ווערען פוכיג ווי וואטע; צופּאסען; ווערען נאהנט; קומען אין א נאהנטע שייכות; בעקומען א נייגונג צו עטוואס.

cot'tonade *n.* (קאטנ'-אייד) דיקע באוועלנע שטאף.

cot'ton-cake *n.* (קאטנ'-קייק) דער קוכען וואס בלייבט פון די באוועל=זוימען נאכדעם ווי מען האט פון זיי אויסגעדריקט דאס אויל.

cot'ton flan'nel (קאטן פלענ'-על) באוועל=פלאנעל [אזא פוכיגער באוועל=שטאף].

cot'ton-gin *n.* (קאטנ'-דזשין) א מאשין צו רייניגען באוועל פון די באוועל=קערנער.

cot'ton goods (קאטן גודז) באוועלנע סחורה.

cot'ton-grass *n.* (קאטנ'-גרעס) וואל=גראז [אזא פלאנצע וואס האט אויף זיך א וואטען=עהנליכע פוך].
ז. איל. *"Grasses and their Allies"*

cot'ton is king (קאטן איז קינג) דאס באוועל הערשט [וועגען דער הערשאפט פון די רייכע באוועל=פלאנטאטארס אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא פאר דעם בירגער=קריעג צו בעפרייען די נעגער פון שקלאפעריי].

cot'tonize *v.* (קאטנ'-איז) מאכען עהנליך צו באוועל.

cot'tonizing *n.* (קאטנ'-אי-זינג) דאס צובערייטען פלאקס אדער האנף אזוי, אז מען זאל עס קענען שפינען אויף באוועל=מאשינען.

cot'ton-lord *n.* (קאטנ'-לאהרד) א רייכער באוועל=פאבריקאנט.

cot'ton-machine' *n.* (קאטנ'-מע-שין') א מאשין צו שפינען באוועל.

cot'ton-manufac'tory *n.* (קאטנ'-מענ-יו-פעק'-טא-רי) א באוועל=פאבריק.

cot'ton-mill *n.* (קאטנ'-מיל) ז. *cotton-manufactory*

cottonoc'racy *n.* (קאטנ-אק'-רע-סי) די הערשאפט אדער פאליטישער איינפלוס פון די רייכע באוועל=פלאנטאטארס אין די זיד=שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, בעזאנדערס פאר דעם בירגער=קריעג צו בעפרייען די נעגער פון שקלאפעריי.

cot'ton-pick'er *n.* (קאטנ'-פיק'-ער) א מאשין אראבצונעהמען באוועל פון פעלד; א מאשין צום רייניגען באוועל פון שמוץ נאכדעם ווי עס איז אראבגענומען פון פעלד.

cot'ton-plant *n.* (קאטנ'-פלענט) די באוועל=פלאנצע.

Cotton-plant

cot'ton-plan'ter *n.* (קאטנ'-פלענ'-טער) איינער וואס פראדוצירט באוועל, א באוועל=פלאנטאטאר; א מאשין צום פלאנצען באוועל.

cot'ton-pow'der *n.* (קאטנ'-פאו'-דער) אן אויפרייסענדער פולווער וואס ווערט געמאכט פון שיס=וואטע.

cot'ton-press *n.* (קאטנ'-פרעס) א פרעס=מאשין צונויפצופרעסען באוועל אין פעק.

cot'ton-rush *n.* (קאטנ'-ראש) ז. *cotton-grass*

cot'ton sat'in (קאטן סעט'-אין) סאטין, באוועל=אטלאס.

cot'ton-seed *n.* (קאטנ'-סיעד) די זוימען [זאט] פון דער באוועל=פלאנצע.

cot'ton-seed clea'ner (קאטנ'-סיעד קליע'-נער) א מאשין צום רייניגען די זוימען [זאט] פון דער באוועל=פלאנצע.

cot'ton-seed meal (קאטנ'-סיעד מיעל) די קערנער פון דער באוועל=פלאנצע נאכדעם ווי מען האט פון זיי אויסגעדריקט דאס אויל.

cot'ton-seed oil (קאטנ'-סיעד איל) דאס אויל וואס ווערט געמאכט פון די זוימען [זאט] פון דער באוועל=פלאנצע.

cot'ton-shrub *n.* (קאטנ'-שראב) ז. *cotton-plant*

cot'ton-stai'ner *n.* (קאטנ'-סטיי'-נער) אזא אינזעקט וואס בעפארבט די באוועל=פלאנצען אין א רויטליכען אדער געלבליכען קאליר.

Cot'ton States (קאטן סטייטס) די שטאאטען אין אמעריקא וואו עס ווערט אם מייסטען געפלאנצט באוועל [ווי אלאבאמא, מיסיסיפי א. ד. ג.].

cot'ton-sweep *n.* (קאטנ'-סהוויעפ) אזא קליינער אקער=אייזען וואס ווערט בענוצט ביי דער בעארבייטונג פון באוועל=פעלדער.

cot'tontail *n.* (קאטנ'-טייל) דער וואלד=קראליק [וואלד=קאנינכען].

cot'ton-this'tle *n.* (קאטנ'-טהיסל) אזא דארן=פלאנצע, וואס האט א ווייסען קאליר.

cot'ton-thread *n.* (קאטנ'-טהרעד) באוועלנע פאדים.

cot'ton-tree *n.* (קאטנ'-טריע) אזא קליין בוימעל וואס זיינע זוימען [זאט] זיינען בעדעקט מיט אזא דינעם פוך.

cot'ton vel'vet (קאטן ווען'-וועט) באוועל=סאמעט [א נאכגעמאכטער סאמעט פאבריצירט פון באוועל].

cot'ton-waste *n.* (קאטנ'-הווייסט) דער אבפאל פון באוועל ביי דער פאבריצירונג פון וואטע אדער באוועל=פאדים.

cot'tonweed *n.* (קאטנ'-הוויעד) אזא ווילד גראז וואס איז בעדעקט מיט פוכיגע הערעלעך.

cot'tonwood *n.* (קאטנ'-הוואוד) אזא זארט פאפעל=בוים אין אמעריקא.

cot'ton-wool *n.* (קאטנ'-הוואול) דער רויער באוועל=פוך ווי ער ווערט אראבגענומען פון פעלד.

cot'ton-worm *n.* (קאטנ'-הוואירם) דער באוועל=ווארים [אזא ווארים וואס ברייגנט פיעל שאדען די באוועל=פלאנטאציעס].

cot'tony *a.* (קאטנ'-אי) ווי וואטע; פוכיג.

cot'ton-yarn *n.* (קאטנ'-יארן) ז. *cotton-thread*

cot'trel *n.* (קאט'-רעל) אזא אונטערשטעל פאר א טאפ וואס ווערט געשטעלט אויף א פייער.

cot'yla *n.* (קאט'-אי-לא) א געלענק=אויסהוילונג [די אויסהוילונג פון א געלענק=ביין וואס זעהט אויס ווי א שיסעלע].

cot'yle *n.* (קאט'-אי-לי) אזא אלטע גריכישע פליסינגקייטס=מאס; אזא קליינע טרינק=כלי; א געלענק=אויסהוילונג.

cotyle'don *n.* (קאט-אי-לי'-דאן) דאס זוימען=בלעטעל, דאס ערשטע בלעטעל וואס שפראצט ארויס פון דעם זוימען [זאט].

cotyle'donal *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-על) וואס איז שייך צו א זוימען=בלעטעל אדער צו דעם ערשטען בלעטעל וואס שפראצט ארויס פון דעם זוימען [זאט].

cotyle'donar *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-אר) ז. *cotyledonal*

cotyle'donary *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-איי-רי) ז. *cotyledonous*

cotyle'donous *a.* (קאט-אי-לי'-דאנ-אס) וואס האט זוימען=בלעטער [וועגען פלאנצען].

cotyl'iform *a.* (קא-טיל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א געלענק=אויסהוילונג, וואס האט די פארם פון א שיסעלע.

cot'yloid *a.* (קאט'-אי-לאיד) עהנליך צו א שיסעלע; עהנליך צו א געלענק=אויסהוילונג.

couch *v.* and *n.* (קאוטש) אוועקלעגען, זיך אוועקלעגען [צום רוהען]; לעגען אויף א בעט; זיך צונויפקארטשען [ווי א ליעגענדע חיה]; זיך אנבויגען ווי אונטער א שווערער משא; זיך בעהאלטען; צווינגען זיך צו בעהאלטען; זיך צודריקען צום פלאץ, וואו מען ליעגט; לעגען אין שיכטען; אויסשטיקען פיגורען אויף שטאף מיט זייד אדער מיט גאלד=בענדלעך; אנשטעלען א שפיעז ווי צום שטעכען; אויסדריקען אין ווערטער; אויסשטעכען די שטאר [א געוויסע אפעראציאן פאר אזא אויגען=קראנקהייט וואס פעראורזאכט בלינדקייט]: אויסרייסען דאס ווילדע גראז פון פעלד; א געלעגער; א קושעטקע; א רוהע=פלאץ פאר חיות; ווילד גראז.

cou'chant *a.* (קאו'-טשענט) ליעגענדיג; ליעגענדיג צונויפגעקארטשעט; איינגעבויגען; ליעגענדיג מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ [וועגען פיגורען פון חיות אויף א הערב]; שלאפענדיג אין א פלאץ; געפינענדיג זיך.

cou'cher *n.* (קאו'-טשער) איינער וואס מאכט אן אפעראציאן אויף אן אויג וואס איז בלינד געווארען פון שטאר; א רעגיסטער=בוך פון א קארפאראציאן אדער פון א קלויסטער.

couch'-fel'low *n.* (קאוטש'-פעל'-או) א שלאפקאמעראד, א מיטוואהנער אין א צימער.

couch'-grass *n.* (קאוטש'-גרעס) ווילד גראז אויף תבואה=פעלדער.

cou'ching *n.* (קאו'-טשינג) דאס אויסשטעכען די שטאר [א געוויסע אפעראציאן פאר אזא אויגען=קראנקהייט]; דאס איינבויגען זיך; דאס אויסשטיקען אויף שטאף פיגורען מיט זיידענע אדער גאלדענע בענדלעך: דאס אויסרייסען דאס ווילד=גראז פון פעלדער; דער רוהע=פלאץ פון ווילדע חיות.

cou'ching-nee'dle *n.* (קאו'-טשינג-ניעדל) א נאדעל=פערמיגער מעדיצינישער אינסטרומענט, וואס ווערט געברויכט צו מאכען אן אפעראציאן אויף שטאר [אזא אויגען=קראנקהייט וואס פעראורזאכט בלינדקייט].

couch in terms (קאוטש אין טוירמז) אויסדריקען אין ווערטער, אויסדריקען אין געוויסע פארמען.

couch'less *a.* (קאוטש'-לעס) וואס האט ניט וואו דעם קאפ צוצושפארען, וואס האט ניט קיין בעט.

cou'gar *n.* (קוה'-גאר) דער קוגואר, דער אמעריקאנער פאנטהער [אזא ווילדע חיה].

Cougar

cough *n. and v.* (קאהף) א הוסט; הוסטען.

cough down (קאהף דאון) אראבהוסטען [דורך הוסטען צווינגען א רעדנער אויפצוהערען ריידען].

cough'-drop *n.* (קאהפ'-דראפ) הוסט-צוקערקעס; צוקערקעס געגען הוסטען.

cou'gher *n.* (קאה'-פער) איינער וואס הוסט.

cou'ghing *n.* (קאה'-פינג) דאס הוסטען.

cou'gouar *n.* (קוה'-גו-אר) ז. *cougar*

cou'guar *n.* (קוה'-גו-אר) ז. *cougar*

could *v.* (קוד) געקענט. ז. *can*

I could not help it; I had to speak out.

coulomb' *n.* (קוה-לאם') א קאלאמב [אן איינהייט צו מעסטען עלעקטריציטעט. א קאלאמב איז די מאס עלעקטריציטעט וואס א שטראם פון 1 אמפער ליפערט אין 1 זעקונדע].

coul'ter *n.* (קאול'-טער) ז. *colter*

coun'cil *n.* (קאונ'-סיל) א בעראטונגס=פערזאמלונג; א בעראטונג; א קערפערשאפט וואס איז ערוועהלט אדער בעשטימט געווארען צו שאפען געזעצע אדער צו העלפען דער רעגיערונג אין דער פערוואלטונג; א געזעצגעבענדע קערפערשאפט.

coun'cil-board *n.* (קאונ'-סיל-באורד) דער טיש, ארום וועלכען די בעראטונגס=פערזאמלונג זיצט; די בעראטונגס=קערפערשאפט.

coun'cil-cham'ber *n.* (קאונ'-סיל-טשיימ'-בער) דאס בעראטונגס=צימער.

coun'cil-house *n.* (קאונ'-סיל-האוס) דאס ראטה=הויז.

coun'cillor *n.* (קאונ'-סיל-אר) ז. *councilor*

coun'cilman *n.* (קאונ'-סיל-מען) א מיטגליעד פון א שטאדט=ראטה.

coun'cil of war (קאונ'-סיל אוו הוואר) א קריעגס=ראטה.

coun'cilor *n.* (קאונ'-סיל-אר) א ראטהס=מיטגליעד; דער פארזיצענדער פון א בעראטהונגס=פערזאמלונג.

coun'cil-proof *a.* (קאונ'-סיל-פרוהף) טויב צו יעדען ראטה.

coun'sel *n. and v.* (קאונ'-סעל) א בעראטהונג; א ראטה; דאס נאכדענקען; איבערלעגונג; א פלאן; אן אבזיכט; א ראטה=געבער; אן אדוואקאט; ראטהען; געבען אן עצה; לערנען; ווארענען.

coun'sel-keep'er *n.* (קאונ'-סעל-קיעפ'-ער) א בעל סוד.

coun'sel-keep'ing *n.* (קאונ'-סעל-קיעפ'-אינג) דאס האלטען א סוד.

coun'sellor *n.* (קאונ'-סעל-אר) ז. *counselor*

coun'selor *n.* (קאונ'-סעל-אר) א ראטה=געבער, אן אדוואקאט.

coun'selorship *n.* (קאונ'-סעל-אר-שיפ) דאס אמט פון א ראטה=געבער.

count *v. and n.* (קאונט) צעהלען, צוזאמענצעהלען; רעכנען, בערעכנען; פעררעכנען; בעטראכטען; אננעהמען אלס...; נעהמען אין אנבעטראכט; זיך פערלאזען אויף...; האבען א ווערטה, א בעדייטונג; בעשפרעכען א געזעצליכען פאל אין געריכט; דאס צעהלען, דאס רעכנען; די צאהל [וואס מען קריעגט רעכנענדיג אדער צעהלענדיג]; ווערטה, בעדייטונג; דער געזעצליכער קלאגע=פונקט; אין מוזיק — דער ריטם, דאס צעהלען דעם טאקט; א גראף.

coun'table *a.* (קאונ'-טעבל) וואס מען קען צעהלען אדער אויסרעכנען.

coun'tenance *n. and v.* (קאונ'-טע-נענס) דאס געזיכט; דאס אויסזעהן; די מינע; די האלטונג; פריינדליכעס אויסזעהן; בעגינסטיגונג; אונטערשטיצונג; ערמונטערונג; פיינעס אויסזעהן; פיינע האלטונג; בעגינסטיגען, אונטערשטיצען, ערמוטיגען; שטיצען, העלפען; זיין גוט און פריינדליך.

coun'tenancer *n.* (קאונ'-טע-נען-סער) אן אונטערשטיצער, א בעשיצער.

coun'ter *n., v., a., adv. and prep.* (קאונ'-טער) איינער וואס צעהלט אדער רעכענט; איינער וואס שאצט אב; איינער וואס קאנטראלירט געשעפטס=ביכער, אן אויבער=בוכהאלטער; א מעכאניזם וואס צעהלט די אומדרעהונגען פון א מאשין; א זאך וואס ווערט געברויכט צו האלטען די צאהל [ווי למשל שטיקלעך מעטאל, ביין אדער האלץ וואס ווערען געברויכט אין א שפיעל אנשטאט געלד; שפיעל=גאלקעס]; א צאהל=טיש [א טיש אין א קראם, ביי וועלכען מען בעצאהלט פאר דער געקויפטער סחורה]; א געפענגניס פאר בעלי=חובות [אין ענגלאנד]; עטוואס וואס איז דאס געגענטייל אדער וואס ווערט ענטגעגענגעזעצט; א קאנטערטענאר [אין מוזיק]; דער טייל פון א פערד'ס ברוסט וואס איז צווישען די פלייצעס און דעם האלז; א קאפ [דער הינטערשטער טייל פון שוך]; א בעגעגעניש, א צוזאמענשטויס; ענטפערען מיט א קלאפ [ביי א געפעכט]; ארויפלעגען קאפען [אויף שיך]; אנטקעגענשטעלען זיך; קומען אין צוזאמענשטויס; ענטגעגענגעזעצט, וואס איז דער היפוך; ניט ריכטיג; אין א פערקעהרטער ריכטונג; אין געגענזאץ; געגען; געגענאיבער, פערקעהרט.

counteract' *v.* (קאונ-טער-עקט') 1. שטערען, האנדלען געגען; 2. געגענווירקען.

2. It is hard to counteract the evil effects of a neglected childhood.

counterac'tant *n.* (קאונ-טער-עק'-טענט) עטוואס וואס ווירקט דאגעגען אדער וואס האט א געגען=ווירקונג.

counterac'tion *n.* (קאונ-טער-עק'-שאן) געגען=ווירקונג; שטערונג; ווידערשטאנד.

counterac'tive *a.* (קאונ-טער-עק'-טיוו) ענטגעגענווירקענדיג; וואס האט א געגענווירקונג, וואס ציינט ארויס א ווידערשטאנד.

counterac'tively *adv.* (קאונ-טער-עק'-טיוו-לי) דורך געגען=ווירקונג.

coun'ter-a'gent *n.* (קאונ'-טער-איי'-דזשענט) עטוואס וואס האט א געגען=ווירקונג אדער וואס ווירקט אין א פערקעהרטער ריכטונג; עטוואס וואס איז א שטערונג.

coun'ter-approach' *n.* (קאונ'-טער-ע-פראוטש') גריבער וואס די בעלאגערטע אין א פעסטונג מאכען אין דער ריכטונג פון די בעלאגערער, כדי אויף זיי אנצופאלען אדער זיי צו שטערען צוצוקומען צו דער פעסטונג.

coun'ter-attrac'tion *n.* (קאונ'-טער-ע-טרעק'-שאן) אן ענטגעגענגעזעצטע צוציהונג; א צוציהונג וואס ווירקט מיט דערזעלבער קראפט, אבער אין א פערקעהרטער ריכטונג; א צוציהונג וואס איז א געגענזאץ אין דער נאטור אדער אין דער ריכטונג; א מיטעל אבצוציהען פון עפעס.

Playgrounds and parks are necessary in the city as counter-attractions to the unwholesome but attractive allurements of the streets.

coun'ter-attrac'tive *a.* (קאונ'-טער-ע-טרעק'-טיוו) וואס ציהט צו אין א פערקעהרטער ריכטונג אדער אויף אן ענטגעגענגעזעצטען שטייגער; וואס ציהט אב פון עפעס.

counterbal'ance *v. and n.* (קאונ-טער-בעל'-ענס) דיענען אלס א געגענגעוויכט; אויסגלייכען די וואגשאלען מיט געוויכט; אויסגלייכען; ווירקען מיט דערזעלבער קראפט; האבען דיזעלבע ווירקונג; פערנעהמען דעם פלאץ פון...; גלייכגעוויכט; דיזעלבע מאכט, ווירקונג אדער איינפלוס.

coun'ter-bass *n.* (קאונ'-טער-בייס) דער קאנטרא=באס [אין מוזיק].

coun'ter-bat'tery *n.* (קאונ'-טער-בעט'-ער-אי) א הארמאטען=באטעריי וואס ווערט אנגעשטעלט געגען דעם שונא'ס א באטעריי.

coun'ter-bill *n.* (קאונ'-טער-ביל) א געגענצעטעל; א געגענרעכנונג.

coun'terblast *n.* (קאונ'-טער-בלעסט) א געגען=עקספלאזיאן, א געגען=מינע.

coun'ter-bond *n.* (קאונ'-טער-באנד) א געגען=פערזיכערונג [ווען איינער גיט ארויס א ציינגנים, אז ער האט ביים צווייטען געקראגען א פערזיכערונג].

coun'terbrace *n.* (קאונ'-טער-בריים) דער אויבערשטער קוואר=שטאנג פון דעם שיף=מאסט וואס איז ניט געגען ווינד.

counterbrace' *v.* (קאונ-טער-בריים') בינדען די מאסט=שטאנגען אין געגענגעזעצטע ריכטונגען.

counterbuff' *v.* (קאונ-טער-באף') צוריקשטויסען.

coun'terbuff *n.* (קאונ'-טער-באף) דאס צוריקשטויסען; א געגענשטויס. א געגענקלאפ; א שטויס וואס שטעלט אב אדער טרייבט צוריק.

coun'terchange *n.* (קאונ'-טער-טשיינדזש) די אומבייטונג פון איין זאך אויף אן אנדערער; געגענטויש.

counterchange' *v.* (קאונ-טער-טשיינדזש') געגענטוישען [געבען און נעהמען אין טויש]; אומבייטען איין זאך אויף אן אנדערער; פערשיעדען מאכען.

coun'tercharge *n.* (קאונ'-טער-טשארדזש) א געגענקלאגע, דאס מאכען אן אנקלאגע געגען דעם אנקלאגער.

countercharge' *v.* (קאונ-טער-טשארדזש') אנקלאגען דעם אנקלאגער.

coun'tercharm *n.* (קאונ'-טער-טשארם) א געגענצויבער; דאס וואס קען געגענווירקען געגען צויבער אדער כשוף.

countercharm' *v.* (קאונ-טער-טשארם')

געגענווירקען נעגען איינעמס צויבער מיט דעם איינגענעם צויבער; בעצויבערען דעם בעצויבערער.

coun'tercheck *n.* (קאונ'-טער-טשעק) א געגענשטערונג, א מניעה געגען א מניעה.

countercheck' *v.* (קאונ-טער-טשעק') געגענווירקען; אבהאלטען.

coun'ter-claim *n.* (קאונ'-טער-קליים) א געגען־טענה, דאס מאהנען פון דעם, וועלכער מאהנט.

coun'ter-cou'rant *a.* (קאונ'-טער-קוה'-ראנט) וואס לויפען אין געגענגעזעצטע ריכטונגען [ווענען צוויי חיות וואס זיינען אויסגעמאלט אויף א הערב].

coun'ter-cur'rent *n.* (קאונ'-טער-קאר'-ענט) א געגענשטראם; דאס לויפען אין געגענזעצליכער ריכטונג.

coun'ter-deed *n.* (קאונ'-טער-דיעד) א געגען־אקט [א געהיימע שריפט, וועלכע איז מבטל די פריהער אנגענומענע בעשטימונג פון געריכט].

coun'ter-drain *n.* (קאונ'-טער-דריין) א קאנאווע אדער א גראבען, וואס ציהט זיך נעבען א קאנאל, כדי אבצוציהען דאס איבריגע וואסער פון קאנאל.

counterdraw' *v.* (קאונ-טער-דראה') מאהלען אדער צייכענען אויף דורכזיכטיגען מאטעריאל, ווי דינע לייווענד, געאוילטע פאפיער א. ד. ג.

coun'ter-ev'idence *n.* (קאונ'-טער-עוו'-אי-דענס) א געגען־בעווייז; א בעווייז, וועלכער איז סותר דעם פאריגען בעווייז.

coun'terfeit *v., a. and n.* (קאונ'-טער-פיט) נאכמאכען, קאפירען, זיין ענהליך; אונגעזעצליך נאכמאכען אדער נאכדרוקען א זאך [ווי מאכען פאלש געלד, דרוקען פאלשע ווערטה־פאפיערען]; זיך פערשטעלען, מאכען אז מען זאל מיינען וועגען איינעם אנדערש ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט; נאכגעמאכט, קאפירט; געפעלשט; פערשטעלט, היפאקריטיש; א נאכמאכונג; נאכאהמונג; א קאפיע פון אן אריגינאל; א פארטרעט; אן אונגעזעצליכע נאכמאכונג פון א זאך מיט דעם ציעל ארויסצוגעבען זי אלס אן אריגינאל [ווי פאלש געלד, פאלשע פאסטמארקען א. ד. ג.].

coun'terfeit book (קאונ'-טער-פיט בוק) א בוך וואס איז אונגעזעצליך איבערגעדרוקט געווארען.

coun'terfeit coin (קאונ'-טער-פיט קאין) פאלש געלד.

coun'terfeiter *n.* (קאונ'-טער-פיט-ער) א פעלשער [פון געלד אדער ווערטה־פאפיערען]; א פערשטעלטער מענש, א צבועק.

coun'terfeiting *n.* (קאונ'-טער-פיט-אינג) דאס מאכען פאלש געלד אדער פאלשע ווערטה־פאפיערען.

coun'terfeitly *adv.* (קאונ'-טער-פיט-לי) מעשה נאכמאכער; פערשטעלטערהייט.

coun'ter-fer'ment *n.* (קאונ'-טער-פויר'-מענט) א געגענמיטעל געגען אירען אדער געהרען [ווי א געגענמיטעל צו הייווען].

coun'terfoil *n.* (קאונ'-טער-פאיל) דאס געגען־בלאט אדער קאנטראל־בלאט [דער טייל פון א טשעק אדער פון אן אנדער דאקומענט, וועלכער פערבלייבט אין בוך נאכדעם ווי דעם טשעק אדער דעם דאקומענט האט מען אויסגעריסען, און אויף וועלכען עס איז פערצייכענט דאס וואס עס איז געווען געשריבען אין דעם אויסגעריסענעם טייל].

coun'ter-force *n.* (קאונ'-טער-פאורס) געגענקראפט.

coun'terfort *n.* (קאונ'-טער-פאורט) אן אונטערשטיצונגס־באלקען, א פאדפארע; א פעלז וואס הייגגט אראב פון א בארג.

coun'ter-fugue *n.* (קאונ'-טער-פיוג) די קאנטראפוגע [א געוויסע פארמע אין מוזיק, ביי וועלכער איינע און דיזעלבע מעלאדיע ווערט איבערגעזונגען פון פערשיעדענע טענער אויף פערשיעדענע אופנים].

coun'tergage *n.* (קאונ'-טער-גיידזש) דאס בעצייכנען די גרויס פון די פוגעס און פוגען־לעכער ביים צונויפשטעלען ברעטער אז זיי זאלען זיך אריינפאסען איינע אין דער אנדערער.

coun'ter-guard *n.* (קאונ'-טער-גארד) דער קאנטר־גארד [א קליינער וואל פון ערד, וואס ציהט זיך נעבען די פאדערשטע וועגד פון א פעסטונג און דיענט איהר אלס בעשיצונג].

coun'ter-in'fluence *v.* (קאונ'-טער-אינ'-פלו-ענס) געגענווירקען; אבשטעלען אדער קאנטראלירען [א בעוועגונג פון א זאך] דורך א געגען־ווירקונג.

coun'ter-ir'ritant *a. and n.* (קאונ'-טער-איר'-אי-טענט) וואס רופט ארויס אן ענטציגדונג אדער אויפרייצונג אין א געוויסען טייל פון קערפער, כדי צו ווירקען געגען אן ענטצינדונג אדער אויפרייצונג אין א צווייטען טייל; א מעדיצינישער מיטעל, וואס רופט ארויס אן אויפרייצונג, כדי צו ווירקען געגען א קרענקליכען צושטאנד אין א צווייטען טייל.

coun'ter-ir'ritate *v.* (קאונ'-טער-איר'-אי-טייט) ארויסרופען אן ענטצינדונג אדער אויפרייצונג אין איין טייל פון קערפער כדי צו ווירקען געגען די ענטצינדונג אדער אויפרייצונג אין א צווייטען טייל.

coun'ter-irrita'tion *n.* (קאונ'-טער-איר-אי-טיי'-שאן) די געגענרייצונג. ז. *counter-irritate*.

coun'ter-jum'per *n.* (קאונ'-טער-דזשאמ'-פער) א טיש־שפרינגער [א הומאריסטישער אויסדרוק וועגען א פריקאזטשיק אדער א משרת אין א קראם].

coun'ter-lath *n.* (קאונ'-טער-לעטה) א געהילץ־לאטע געלעגט קווער אין א וואנד.

coun'ter-light *n.* (קאונ'-טער-לאיט) דאס געגען־ליכט [ליכט־שטראהלען, וואס פאלען אויף א בילד און ווירקען אזוי, אז געוויסע פיגורען קומען צוליעב דעם ארויס ניט גוט].

coun'termand *n.* (קאונ'-טער-מענד) א בעפעהל אדער א בעשטעלונג וואס איז מבטל דעם פאריגען בעפעהל אדער בעשטעלונג; דאס צוריקרופען א בעפעהל אדער בעשטעלונג.

countermand' *v.* (קאונ-טער-מענד') 1. צוריקרופען; נעהמען צוריק א בעשטעלונג; 2. זיך שטעלען געגען א בעפעהל דורך געבען אן אנדערען וואס איז מבטל דעם פריהערדיגען.

1. The customer **countermanded** the order.
2. The general **countermanded** his order to march.

counterman'dable *a.* (קאונ-טער-מענ'-דעבל) וואס מען קען צוריקרופען.

coun'termarch *n.* (קאונ'-טער-מארטש) ריקמאריש: א פאלשטענדיגע ענדערונג אין איינעמס אויפפיהרונגען; א געוויסע ארט מושטירונגען פון סאלדאטען, ביי וועלכע די וואס שטעהען אין פראנט טרעטען אב צוריק און די וואס זיינען געשטאנען הינטען טרעטען ארויס אין פראנט.

countermarch' *v.* (קאונ-טער-מארטש) צוריק מארשירען, אבטרעטען צוריק.

coun'termark *n.* (קאונ'-טער-מארק) א צייכען וואס ווערט צוגעגעבען צו נאך א צייכען [ווי דער צווייטער אדער דריטער צייכען אויף א קאסטען סחורה, וואס בעלאנגט צו עטליכע סוחרים, אז דער קאסטען קען געעפענט ווערען נור אין דער אנוועזענהייט פון אלע אייגענטהימער]; א קאנטערמארקע; א צייכען אדער נומער אויף א מטבע, וואס בעווייזט ווען זי איז אויסגעגאסען געווארען; א געמאכטע גריבעל אין צאהן פון א פערד צו בעווייזען, אז דאס פערד איז כלומרשט איננער ווי אין דער ווירקליכקייט.

countermark' *v.* (קאונ-טער-מארק') מאכען א צווייטען צייכען אלס א סימן פון עכטקייט; מאכען א גריבעלע אין א פערד'ס צאהן [אז מען זאל מיינען, אז עס איז איננער].

coun'termine *n.* (קאונ'-טער-מאין) א געגען־מינע [א מינע וועלכע ווערט נעגראבען פון די בעלאגערטע כדי צוצושטערען דעם פיינד'ס מינע]; א געגען־פלאן; א געהיימער פלאן [צו ווירקען געגען דעם שונא'ס פלאן].

countermine' *v.* (קאונ-טער-מאין') גראבען א מינע כדי אויפצורייסען דעם שונא'ס מינען; פלאנעווען אין געהיים צו צושטערען דעם געגנער'ס פלענער.

coun'ter-mo'tion *n.* (קאונ'-טער-מאו'-שאן) א געגען־בעוועגונג.

coun'ter-mo'tive *n.* (קאונ'-טער-מאו'-טיוו) א געגען־מאטיוו, א געגען־טענה.

coun'termove *v.* (קאונ'-טער-מוהוו) א געגען־צוג, געגען־בעוועגונג.

countermove' *v.* (קאונ-טער-מוהוו') בעוועגען אדער ציהען אין א געגענזעצליכער ריכטונג.

coun'ter-move'ment *n.* (קאונ'-טער-מוהוו'-מענט) א בעוועגונג וואס געפינט זיך אין געגענזאץ צו א צווייטער בעוועגונג.

coun'termure *n.* (קאונ'-טער-מיור) א געמויערטע וואנד וואס שטיצט אונטער א צווייטע וואנד.

countermure' *v.* (קאונ-טער-מיור') אונטערשטיצען א מויער מיט א צווייטען מויער.

coun'ter-negotia'tion *n.* (קאונ'-טער-ני-גאו-שי-איי'-שאן) אן אונטערהאנדלונג אין געגענזאץ צו אן אנדער אונטערהאנדלונג.

coun'ter-noise *n.* (קאונ'-טער-נאיז) א געגען־לארעם [א לארעם צו פערהילכען אן אנדער לארעם].

coun'ter-o'pening *n.* (קאונ'-טער-אופ'-נינג) א געגען־עפענונג, אן עפענונג אין דער צווייטער זייט [בעזאנדערס אן עפענונג אין א געשוויר געגען דער פריהעריגער עפענונג].

coun'ter-or'der *n.* (קאונ'-טער-אר'-דער) א געגען־בעפעהל [א בעפעהל מבטל צו מאכען דעם ערשטען בעפעהל].

coun'ter-pace *n.* (קאונ'-טער-פיים) א געגען־שריט אדער געגען־תקנה [א תקנה אין געגענזאץ צו אן אנדערער תקנה].

coun'terpane *n.* (קאונ'-טער-פיין) א געשטעפטע בעט־דעקע אדער קאלדרע.

coun'terpart *n.* (קאונ'-טער-פארט) דער ענטשפרעכענדער טייל [א שטיק וואס איז צוגעפאסט אדער עהנליך צו אן אנדער שטיק], א דופליקאט, א קאפיע; א געגענזייטיגעס ציינגים [ווי דער צעטעל אדער שטר, וועלכען דער קויפער גיט דעם פערקויפער, אז ער האט ביי איהם געקויפט, און דער געגען־שטר וועלכען דער פערקויפער גיט דעם קויפער, אז ער האט איהם פערקויפט]; א פערזאן אדער א זאך וואס איז פונקט עהנליך צו אן אנדערען לויט דעם אויסזעהן, כאראקטער, ווירקונג א. ד. ג.; איינער פון צוויי טיילען, וועלכע זיינען פונקט צוגעפאסט איינער צום צווייטען [ווי דער אבדרוק פון א שטעמפעל איז פונקט צוגעפאסט צום שטעמפעל אליין]; די געגען־שטימע [ווי דאס זינגען פון באס אלס געגען־שטימע צום זינגען פון דיסקאנט].

coun'ter-pas'sant *a.* (קאונ'-טער-פעס'-ענט) וואס געהען אין ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען [וועגען חיות וואס זיינען אויסגעקריצט אדער אויסגעמאהלט אויף א הערב].

coun'ter-peti'tion *n.* (קאונ'-טער-פע-טיש'-אן) א געגען־פעטיציאן [ווען א גרופע מענשען דערלאנגען א בקשה געגען א בקשה פון א פריהערדיגער גרופע].

coun'ter-plea *n.* (קאונ'-טער-פליע) א געגען־טענה; אן ערווידערונג געגען א טענה.

counterplead' *v.* (קאונ-טער-פליעד') טענה'ן פערקעהרט; אבלייקענען.

coun'ter-plot *n.* (קאונ'-טער-פלאט) א פראיעקט אדער פערשווערונג צו צושטערען די ווירקונג פון אן אנדער פראיעקט אדער פערשווערונג.

counterplot' *v.* (קאונ-טער-פלאט') מאכען א פערשווערונג געגען אן אנדער פערשווערונג.

coun'terpoint *n.* (קאונ'-טער-פאינט) דער קאנטראפונקט [די קונסט צוזאמענצושטעלען שטיקער פון מעלאדיען אזוי, אז עס זאל אויסקומען איין הארמאנישעס און מעלאדישעס גאנצע]; די קונסט פון מוזיקאלישער קאמפאזיציאן אין אלגעמיין.

coun'terpoise *n.* (קאונ'-טער-פאיז) געגען־געוויכט; דאס זיין אין גלייכגעוויכט מיט אן אנדער זאך אדער קראפט; יעדע קראפט, וואס איז גלייך צו אן אנדערער און ווירקט אין געגענזאץ צו איהר.

counterpoise' *v.* (קאונ-טער-פאיז') ווירקען אין געגענזאץ אלס גלייכע קראפט; זיין אין גלייכגעוויכט; באלאנסירען.

coun'ter-poi'son *n.* (קאונ'-טער-פאיזן) א געגען־גיפט.

counterpon'derate *v.* (קאונ-טער-פאנ'-דע-רייט) אויסגלייכען אין געוויכט.

coun'ter-prac'tice *n.* (קאונ'-טער-פרעק'-טיס) די פראקטיק אין געגענזאץ צו אן אנדער פראקטיק.

coun'ter-pres'sure *n.* (קאונ'-טער-פרעש'-אור) געגענדרוק, א קראפט וואס דריקט אין געגענזאץ צו אן אנדער גלייכען דרוק.

coun'ter-proj'ect *n.* (קאונ'-טער-פראדזש'-עקט) א געגען־פראיעקט.

coun'ter-proof *n.* (קאונ'-טער-פרוהף) א קאפיע פון א גראווירונג.

counterprove' *v.* (קאונ-טער-פרוהוו') קאפירען פון א גראווירונג.

coun'ter-revolu'tion *n.* (קאונ'-טער-רעוו-א-ליו'-שאן) א קאנטר־רעוואלוציאן [א רעוואלוציאן געגען דער פריהער געמאכטער רעוואלוציאן].

coun'ter-revolu'tionary *a.* (קאונ'-טער-רעוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א קאנטר־רעוואלוציאן.
ז. ***counter-revolution***

coun'ter-revolu'tionist *n.* (קאונ'-טער-רעוו-א-ליו'-שאנ-איסט) דער וואס מאכט א קאנטר־רעוואלוציאן.

coun'terroll *n.* (קאונ'-טער-ראול) אין דער אלט־ענגלישער געזעצגעבונג — א קאפיע פון קלאגען, געריכטליכע נאכפארשונגען א. ד. ג. אונטער דער אויפזיכט פון א בעשטימטען בעאמטען.

coun'ter-round *n.* (קאונ'-טער-ראונד) א גרופע אפיצירען וואס געהען ארום צו קאנטראלירען די וואך.

coun'ter-sa'lient *a.* (קאונ'-טער-סיי'-לי-ענט) וואס שפרינגען אב איינער פון צווייטען [וועגען פיגורען אויף א הערב].

coun'terscarp *n.* (קאונ'-טער-סקארפ) די אויסערליכע משופע'דיגע זייט פון א וואל פון א פעסטונג.

coun'ter-scuf'fle *n.* (קאונ'-טער-סקאפל) רייסעריי, קריגעריי.

counterseal' *v.* (קאונ-טער-סיעל') אונטער'חתמ'ען זיך צוזאמען מיט נאך איינעם.

countersecure' *v.* (קאונ-טער-סי-קיור') געבען א צווייטע זיכערהייט [ערבות].

coun'ter-secu'rity *n.* (קאונ'-טער-סי-קיו'-רי-טי) ערבות פאר אן ערב.

coun'ter-shaft *n.* (קאונ'-טער-שעפט) א וואל אדער אקס, וואס איז פערבונדען מיט דעם הויפט־וואל צו בעטרייבען מאשינען אדער מעכאניזם.

coun'tersign *n.* (קאונ'-טער-סאין) אן אונטערשריפט פון א נידריגען בעאמטען אויף א דאקומענט צו בעשטעטיגען די ריכטינקייט פון א העכערען בעאמטען'ס אונטערשריפט; א מיליטערישער פאראל [פאסיר־ווארט].

countersign' *v.* (קאונ-טער-סאין') בעשטעטיגען מיט אן אונטערשריפט די אונטערשריפט פון א העכערען בעאמטען.

coun'ter-sig'nal *n.* (קאונ'-טער סיג'-נעל) א געגען־סיגנאל, א סיגנאל אלס ענטפער צו אן אנדער סיגנאל.

coun'ter-sig'nature *n.* (קאונ'-טער-סיג'-נע-טשור) די אונטערשריפט פון סעקרעטער אדער פון אן אנדערען נידריגערען בעאמטען צו בעשטעטיגען די חתימה פון העכערען בעאמטען.

coun'tersink *v.* and *n.* (קאונ'-טער-סינק) אויסבויערען א גריבעל אין האלץ אדער אנדערע מאטעריאל [ביים אריינדרעהען א שרויף א. ד. ג.], כדי דאס קעפעל פון שרויף זאל אויסקומען פלאך מיט'ן האלץ; דאס אויסבויערען אזא גריבעל.

coun'ter-state'ment *n.* (קאונ'-טער-סטייט'-מענט) א געגען־בעהויפטונג, א הכחשה, אן אבלייקענונג.

coun'ter-stat'ute *n.* (קאונ'-טער-סטעטש'-אוט) א געגען־סטאטוט; א געזעץ וואס ווידערשפרעכט אן אנדער געזעץ.

coun'ter-step *n.* (קאונ'-טער-סטעפ) א געגען־שריט.

coun'ter-stroke *n.* (קאונ'-טער-סטראוק) א קלאפ צוריק, א קלאפ פאר א קלאפ.

coun'ter-sure'ty *n.* (קאונ'-טער-שוהר'-טי) ערבות פאר אן ערב.

coun'ter-sway *n.* (קאונ'-טער-סוויי) געגען־געוואלט, געגען־ווירקונג.

coun'ter-tal'ly *n.* (קאונ'-טער-טעל'-אי) א קוויטאנציע פאר אן אנדער קוויטאנציע.

coun'ter-ten'or *n.* (קאונ'-טער-טענ'-אר) א הויכער טענאר אדער אן אלטא.

coun'ter-time *n.* (קאונ'-טער-טאים) דער ווידערשטאנד פון א פערד ביי זיינע ניט־ריכטיגע בעוועגונגען, ווייל מען האט איהם שלעכט געלערענט אדער ווייל ער איז א קאפריזנער; ווידערשטאנד, אפאזיציאן.

coun'ter-trench *n.* (קאונ'-טער-טרענטש) א געגען־טראנשיי [א גראבען נעבען א פעסטונג, וועלכע די בעלאגערטע האבען אויסגעגראבען געגען דער טראנשיי (גראבען) פון די בעלאגערער].

coun'terturn *n.* (קאונ'-טער-טוירן) דער העכסטער פונקט אין דער פאנאנדערוויקלונג פון דראמאטישע האנדלונגען אין א שוישפיעל.

coun'tervail *n.* (קאונ'-טער-ווייל) א געוויכט אדער קראפט וואס איז גלייך צו אן אנדער געוויכט אדער קראפט און קען איהר געגענווירקען; פערגיטיגונג.

countervail' *v.* (קאונ-טער-ווייל') ווידערשטעהן מיט דערזעלבער קראפט אדער געוויכט; דיענען אלס א גלייכע ווערטה אדער קראפט; פערגיטיגען.

countervalla'tion *n.* (קאונ-טער-ווע-ליי'-שאן) דאס מאכען פעסטונגען ארום דעם שונא'ס פעסטונג.

coun'terview *n.* (קאונ'-טער-וויו) א מיינונג, וואס איז דער היפוך פון אן אנדער מיינונג.

coun'terweight *n.* (קאונ'-טער-הווייט) געגען־געוויכט.

counterwheel' *v.* (קאונ-טער-הוויעל') מאכען א קאנטר־מארש, קעהרען זיך צוריק [געברויכט אין מיליטער].

counterwork' *v.* (קאונ-טער-הוואירק') ארבייטען דאגעגען; געגענווירקען; שטערען דורך א געגען־ווירקונג.

coun'terwork *n.* (קאונ'-טער-הוואירק) די ארבייט דאגעגען, געגען־ווירקונג; א זאך וואס איז געטהאן אין היפוך צו אן אנדער זאך.

coun'tess *n.* (קאונ'-טעס) א גרעפין.

coun'ting-house *n.* (קאונ'-טינג-האוס) א געשעפטס־קאנטאר.

coun'ting-room *n.* (קאונ'-טינג-רוהם) ז. ***counting-house***

count'less *a.* (קאונט'-לעס) אונצעהלבאר, זעהר פיעל.

count'-out *a.* (קאונט'-אוט) וואס פערלירט ביי די וואהלען דורך א שווינדעל ביים צעהלען די אבגעגעבענע שטימען.

count out (קאונט אוט) בעזיעגען א קאנדידאט פאר אן אמט דורך שווינדלען ביים צעהלען די אנגעגעבענע שטימען ביי די וואהלען.

count o'ver (קאונט או'-ווער) נאכצעהלען; נאכרעכענען, קאנטראלירען א רעכענונג.

coun'trified *a.* (קאנ'-טרי-פאיד) דארפיש, בויעריש, פערגרעבט.

coun'trify *v.* (קאנ'-טרי-פאי) מאכען דארפיש אדער בויעריש [אין אויסזעהן אדער אויפפיהרונג].

coun'try *n.* and *a.* (קאנ'-טרי) א געגענד, א לאנד, א טעריטאריע, א פאטער־

לאנד; דער דארפישער טייל פון א געגענד; די בעפעלקערונג פון א לאנד; די ערד אדער פעלז אין א מינע, דורך וועלכער עס ציהט זיך דער מינעראל=אדער; וואס אנבעלאנגט דעם דארף; דארפיש, בויעריש, גראב.

coun'try-bred *a.* (קאנ'-טרי-ברעד) ערצויגען אין דארף.

coun'try-dance *n.* (קאנ'-טרי-דענס) אנגלייז [אזא טאנץ].

coun'try-gen'tleman *n.* (קאנ'-טרי-דזשענטל'-מען) א גוטסבעזיצער, א פריץ.

coun'try-house *n.* (קאנ'-טרי-האוס) א לאנד=הויז.

coun'try John (קאנ'-טרי דזשאהן) א קליין=שטעדטעלדיגער נאר.

coun'trylike *a.* (קאנ'-טרי-לאיק) דארפיש.

coun'tryman *n.* (קאנ'-טרי-מען) א לאנדסמאן; א דארפסמאן, אן ערד=ארבייטער.

coun'try-rock *n.* (קאנ'-טרי-ראק) א פעלז אין א מינע, דורך וועלכער עס געהט דורך א מינעראל=אדער.

coun'try-seat *n.* (קאנ'-טרי-סיעט) די דארפס=וואהנונג פון א גוטסבעזיצער, פון א פריץ.

coun'try-side *n.* (קאנ'-טרי-סאיד) א טייל פון א לאנד; א שטיק לאנד; א נאכבארשאפט; די בעפעלקערונג פון א טייל פון א לאנד.

coun'trywoman *n.* (קאנ'-טרי-הוואומען) א לאנדס=פרוי; א דארפס=פרוי.

count'ship *n.* (קאונט'-שיפ) דער טיטעל גראף אדער לארד.

count the cost (קאונט טהי קאהסט) פארויס אויסרעכענען די מעגליכע אדער וואהרשיינליכע אויסגאבען און ריזיקע פון אן אונטערנעהמונג.

count'-wheel *n.* (קאונט'-הוויעל) דאס רעדעל אין א זייגער, וואס בריינגט דעם זייגער אויסצוקלינגען די שטונדען.

coun'ty *n. and a.* (קאונ'-טי) א בעצירק, אן אדמיניסטראטיווער טייל פון א לאנד אדער שטאאט [אין די אלטע צייטען — די בעזיצונגען פון א גראף אדער לארד, א גראפשאפט]; די בעפעלקערונג פון א בעשטימטען בעצירק אדער גראפשאפט; וואס איז שייך צו א בעצירק אדער גראפשאפט.

coun'ty clerk (קאונ'-טי קלוירק) דער סעקרעטער פון דער בעצירק=פערוואלטונג [ער איז אפט אויך אין דערזעלבער צייט דער סעקרעטער פון דעם בעצירק=געריכט].

coun'ty cor'porate (קאונ'-טי קאהר'-פא-רייט) א שטאדט [אין ענגלאנד און אירלאנד] וואס ווערט זעלבסטשטענדיג אדמיניסטראטיוו פערוואלטעט אונאבהענגיג פון דעם בעצירק, צו וועלכען זי בעלאנגט.

coun'ty court (קאונ'-טי קאורט) א בעצירקס=געריכט.

coun'ty pal'atine (קאונ'-טי פעל'-עטין) א גראפשאפט אין ענגלאנד [אין די אלטע צייטען], וואס האט געהאט בעזונדערע פריווילעגיעס [דער אייגענטימער פון דיזע גראפשאפטען האט געהאט דיזעלבע מאכט וואס דער קעניג האט געהאט אין זיין פאלאץ. אזעלכע גראפשאפטען זיינען געווען דריי: לאנקאסטער, טשעסטער און דורהאם].

coun'ty rates (קאונ'-טי רייטס) שטייערען וואס די איינוואהנער פון א בעצירק צאהלען פאר בעצירק=אויסגאבען [ווי פעררריכטען בריקען, תפיסות א. ד. ג.].

coun'ty-seat *n.* (קאונ'-טי סיעט) ז. *county town*.

coun'ty-town *n.* (קאונ'-טי-טאון) די הויפט=שטאדט פון א קאונטי [בעצירק, גראפשאפט].

coup *v. and n.* (קאופ) איבערקעהרען; איבערגעקעהרט ווערען; אויסקעהרען [אויסלעדיגען]; פאלען; דאס איבערקעהרען; דאס איבערקעהרען זיך; א פאל; אן אויסטויש, א האנדעל [מיט פערד און בהמות]; א וואגען=לאדונג.

coup *n.* (קוה) א קלאפ [הויפטזעכליך א שטארקער אונערווארטעטער קלאפ]; אן איבערפאל; א זיעג.

coup de grâce (קוה דע גראס) א רחמנות=קלאפ [א שטארקער קלאפ, מיט וועלכען מען טויטעט א פעראורטיילטען צום טויט אדער א פערוואונדעטע חיה, כדי נימ צו לאזען זיי מאטערען זיך]; עטוואס דורך וואס מען בעקומט אן ענטשידענעם זיעג איבער'ן געגנער.

coup de main (קוה דע מען) אן אונערווארטעטער איבערפאל [אין מלחמה]; אן אונערווארטעטע ענטשידענע טהאט.

coup de soleil' (קוה דע סאו-ליי') זונענשטיך.

coup d'état' (קוה דיי-טא') אן אונערווארטעטע ענטשידענע ענדערונג [אין פאליטיק]; אן אונערווארטעטע איבערקעהרעניש אין די רעגיערונגס=פארמען צו גונסטען פון א פערזאן אדער פארטיי, וואס ווערט דערגרייכט דורך אונגעזעצליכע מיטלען, דורך גוואלט אדער אינטריגען.

coup de théâ'tre (קוה דע טיי-א'טר) א טעאטראלע איבערראשונג; א סענזאציאנעלע ערשיינונג אויף דער ביהנע וואס האט דעם צוועק ארויסצורופען איבערראשונג און בעוואונדערונג.

coup d'œil (קוה דוי) א בליק; אן אלגעמיינער איבערבליק; די פעהיגקייט צו מאכען אין מלחמה א שנעלען איבערבליק איבער דעם שונא'ס פאזיציעס און שנעל אויסנוצען פאר זיך דעם שונא'ס פעהלערען.

coupé' *n.* (קו-פיי') א קופע [א בעזונדערע אבטיילונג אין א וואגאן]; א וועגעל מיט צוויי זיץ=פלעצער; די פאדערשטע אבטיילונג אין א פראנצויזישער גאסען=באהן אדער דיליזשאנס; אזא בעוועגונג אין טאנצען.

coupee' *n.* (קוה-פיע') אזא בעוועגונג אין טאנצען.

coup'le *n. and v.* (קאפל) א פאר; א פארעל [א מאן און פרוי]; צוויי גלייכע, פאראלעלע קרעפטע וואס ווירקען אין געגענגעזעצטע ריכטונגען [אזעלכע קרעפטע רופען געוועהנליך ארוים קרייז=בעוועגונגען]; צונויפפארען; בעהעפטען, פעראייניגען [איבערהויפט פארווייז]; פערהייראטען; פארען [חיות].

coup'led *a.* (קאפלד) צונויפגעפארט; פעראייניגט, צוזאמענגעשלאסען [פארווייז].

coup'ler *n.* (קאפ'-לער) איינער אדער עטוואס וואס פארט צונויף, פעראייניגט אדער שליסט צוזאמען צוויי זאכען.

coup'let *n.* (קאפ'-לעט) א קופלעט [אין פאעזיע — צוויי שורות איינע נאך די אנדערע וואס גראמען זיך].

coup'ling *n.* (קאפ'-לינג) דאס פארען; דאס פעראייניגען צוויי זאכען; דאס הייראטען; געשלעכטליכער פערקעהר; עפעס וואס ווערט בענוצט צו בעהעפטען צוויי זאכען.

coup'ling-box *n.* (קאפ'-לינג-באקס) א קופעלונג=מופע [א מופע וואס פערבינדט 2 וואלען].

Coupling-box

coup'ling-chain *n.* (קאפ'-לינג-טשיין) א פערבינדונגס=קייט, א קייט וואס בינדט צוזאמען צוויי וואגאנען.

coup'ling-link *n.* (קאפ'-לינג-לינק) א רינג וואס פעראייניגט צוויי זאכען אדער וואס פעראייניגט צוויי טיילען פון א קייט אזוי, אז מען קען זיי אבטשעפען איינעם פון דעם צווייטען.

coup'ling-strap *n.* (קאפ'-לינג-סטרעפ) אזא רימען וואס פעראייניגט צוויי פערד אין א געשפאן.

cou'pon *n.* (קו'-פאן) א קופאן, א קוויטאנציע אויף ווערטה=פאפיערען, אויף וועלכער עס זיינען בעצייכענט די פראצענטען וואס די ווערטה=פאפיערען בריינגען איין [אין בעשטימטע צייטען ווערען די קופאנען אבגעשניטען און מען קריעגט אויף זיי אויסגעצאהלט די פראצענטען]; א טייל פון א טעאטער=בילעט, וועלכער ווערט אבגעריסען; א טייל פון א לאטעריי=צעטעל; א צייגניס וואס בערעכטיגט צו עפעס.

cou'pon tick'et (קו'-פאן טיק'-עט) א בילעט, וואס בערעכטיגט אריינצוקומען אין אן אונטערהאלטונגס=פלאץ און בעשטעהט פון צוויי טיילען, איינער פון וועלכע ווערט אבגעריסען ביים אריינקומען אין דעם אונטערהאלטונגס=פלאץ.

coup the crans (קוה טהי קראן) ווערען אויסגעקעהרט, איבערגעקעהרט.

cour'age *n.* (קאר'-עדזש) מוט, טאפפערקייט, אונערשראקענהייט, ענטשלאסענהייט, דרייסטקייט.

coura'geous *a.* (קא-ריי'-דזשאס) מוטיג, טאפפער, אונערשראקען, דרייסט.

coura'geously *adv.* (קא-ריי'-דזשאס-לי) מיט מוט, מיט טאפפערקייט, מיט אונערשראקענהייט, מיט דרייסטקייט.

coura'geousness *n.* (קא-ריי'-דזשאס-נעס) דאס זיין מוטיג, טאפפער, דרייסט, אונערשראקען; מוט, טאפפערקייט.

courant' *n. and a.* (קו-רענט') א מין טאנץ; מוזיק פאר אזא טאנץ; לויפענד.

cou'rier *n.* (קו'-ריער) א קוריער, א שליח; א דיענער וואס מען שיקט פאראויס צו בעזארגען אלע בעקוועמליכקייטען פאר דעם אנקומענדען בעל=הבית.

course *n. and v.* (קאורס) לויף; גאנג; פערלויף; לויף=וועג; וועט=לויף; קאריערע; ריכטונג; ארדנונג, רייה; געוואהנהייט; געוועהנליכע, בעשטימטע ריכטונג אדער ארדנונג; קורס [בערזע=קורס, א קורס אין שטודיום א. ד. ג.]; אויפפיהרונג; מעטאדע; מיטעל; א סיסטעמאטישע רייה אדער סעריע; מאנאטליכע בלוט=רייניגונג ביי פרויען; א יאגד מיט הינט; פיהרען א יאגד; לויפען, יאגען, פערפאלגען; פליסען.

course of exchange' (קאורס אוו עקס-טשיינדזש') דער וועקסעל=קורס.

course of trade (קאורס אוו טרייד) דער גאנג פון דעם האנדעל.

cour'ser *n.* (קאור'-סער) א שנעל פערד; א קריעגס=פערד; א יעגער [מיט הינד].

cour'sing *n.* (קאור'-סינג) א יאגד מיט

הינד; די רעגולירונג פון דער לופט־רייניגונג אין שאכטען [מינען].

court *n., v. and a.* (קאורט) א הויף; א פאלאַץ פון א הערשער; א קורץ געסעל פערבויט פון דריי זייטען; די איינוואהנערשאפט פון א פאלאץ [דער הערשער, זיין פאמיליע און דיענערשאפט]: א געריכטס־הויז; א געריכטס־אינסטאנץ; א פערזאמלונג פון א קערפערשאפט אדער פון איהרע הויפט־מיטגליעדער; דאס אבגעבען כבוד א הערשער; העפליכקייט; די קונסט צו געפעלען; חניפה; וואס איז שייך צום הויף פון א קעניג אדער פירסט; זוכען צו געפעלען, צו געווינען חן אין יענעמס אויגען; חנפ'נען; זיך שדכנ'ען, זיך ליעבען אין...; איינלאדען; שטרעבען צו ערווערבען; אויסדריקען ליעבע.

court'-bred *a.* (קאורט'-ברעד) ערצויגען אין קעניגליכען הויף; וואס האט עלעגאנטע מאניערען.

court'-card *n.* (קאורט'-קארד) א שפיעל־קארט מיט א פיגור [מלך, מלכה, אונטער].

court'-chap'lain *n.* (קאורט'-טשעפ'-לען) א הויף־פרעדיגער, א גלח אין א קעניגליכען אדער פירסטליכען הויף.

court'-cupb'oard *n.* (קאורט'-קאב'-ארד) א בופעט, א קרעדענץ־טיש.

court'-day *n.* (קאורט'-דיי) א געריכטס־טאג, א טאג, ווען דאס געריכט איז אפען.

court'-dress *n.* (קאורט'-דרעס) הויף־קליידער [וואס מען טראגט ביי געוויסע צערעמאניעס אין קעניגליכען הויף].

cour'teous *a.* (קויר'-טי-אס) העפליך; עלעגאנט; פריינדליך; גוטמוטיג.

cour'teously *adv.* (קויר'-טי-אס-לי) מיט העפליכקייט; מיט פריינדליכקייט; אויף א גוטמוטיגען שטייגער.

cour'teousness *n.* (קויר'-טי-אס-נעס) העפליכקייט, פריינדליכקייט, גוטמוטיגקייט.

cour'ter *n.* (קאור'-טער) איינער וואס שטרעבט צו געווינען חן אין אימעצענס אויגען דורך שמייכלעריי און חניפות; איינער וואס שדכנ'ט זיך.

cour'tesan *n.* (קויר'-טי-זען) א קורטיזאנקע [א פראסטיטוטקע].

cour'tesanship *n.* (קויר'-טי-זענ-שיפ) פראסטיטוציאן.

cour'tesy *n.* (קויר'-טי-סי) העפליכקייט; שעהנע, עלעגאנטע מאניערען; פריינדליכקייט, גוטמוטיגקייט, אויפמערקזאמקייט, געפעליגקייט, בעגינסטיגונג; אלגעמיינע צושטימונג; עטוואס וואס איז אנגענומען אלס מנהג [אין געגענזאץ צו זאכען וואס ווערען בעשטימט פון געזעץ].

courte'sy *n. and v.* (קוירט'-סי) א קניקס; מאכען א קניקס [זיך פערנייגען איינבויגענדיג דערביי די קניע].

cour'tezan *n.* (קויר'-טי-זען) ז. *courtesan*.

cour'tezanship *n.* (קויר'-טי-זענ-שיפ) ז. *courtesanship*.

court'-fash'ion *n.* (קאורט'-פעש'-אן) זיטען פון קעניגליכען הויף.

court'-fa'vor *n.* (קאורט'-פיי'-וואר) א פאוואריט, א ליעבלינג פון קייזערליכען הויף.

court'-fool *n.* (קאורט'-פוהל) דער הויף־נאר [א מענש וואס מאכט זיך נארייש און וועלכען א קעניג אדער פריץ פלעגט האלטען אין זיין הויף צוליעב פרעהליכקייט]

court'-hand *n.* (קאורט'-הענד) די אלטע גאטהישע שריפט, וואס ווערט גע־ברויכט אין ענגלאנד ביי שרייבען אפיציעלע דאקומענטען.

court'-house *n.* (קאורט'-האוס) גע־ריכטס־הויז; אין דרום פון די פעראייניגטע שטאאטען — א שטעדטעל אדער דארף, וואו עס געפינט זיך א געריכטס־הויז.

cour'tier *n.* (קאור'-טשיער) א בעזוכער אין קעניגליכען הויף; איינער וואס שטרעבט צו געווינען חן אין אימעצענס אויגען דורך שמייכלעריי און חניפות.

cour'tierly *a.* (קאור'-טשיער-לי) ווי א הויף־בעזוכער; מיט גוטע מאניערען, העפליך.

court'-la'dy *n.* (קאורט'-ליי'-די) א הויף־דאמע.

court'-leet *n.* (קאורט'-ליעט) א גע־ריכטס־הויז וואו קליינע פערברעכענס ווע־רען גע'משפט [אין ענגלאנד].

court'-life *n.* (קאורט'-לאיף) דאס הויף־לעבען [דאס לעבען אין קייזערליכען אדער פריצישען הויף].

court'-like *a.* (קאורט'-לאיק) העפליך, איידעל, עלעגאנט.

court'liness *n.* (קאורט'-לי-נעס) העפליכקייט.

court'ly *a. and adv.* (קאורט'-לי) וואס איז שייך צו א הויף אדער צום הויף־לעבען; העפליך, עלעגאנט, שמייכלעריש, מעשה חונף; אויף אן עלעגאנטען אופן; אויף א העפליכען שטייגער.

court'-mar'tial *n. and v.* (קאורט'-מאר'-שעל) קריעגס־געריכט; א מיליטער־געריכט; משפט'ן אין א מיליטער־געריכט.

court'-mour'ning *n.* (קאורט'-מאור'-נינג) הויף־טרויער [טרויער וואס ווערט געהאלטען אין קייזערליכען הויף נאכ'ן טוידט פון איינעם פון דער קייזערליכער פאמיליע].

Court of Appeals' (קאורט או ע־פיעלז') דער אפעלאציאנס־געריכט.

court of chan'cery (קאורט אוו טשענ'-סער-אי) א געריכט, וואו עס ווערט גע'משפט ניט לויט דעם געשריבענעם געזעץ, נאר לויט'ן יושר; דאס העכסטע גע־ריכט אין ענגלאנד.

Court of Claims (קאורט אוו קליימז) א געריכט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אין וואשינגטאן] וואס האט די אויפגאבע צו אונטערזוכען געלד־קלאגען געגען דער רעגיערונג; אין איינינע שטאאטען א בעצירקס־געריכט, וואס האט צו טהאן מיט די פינאנציעלע אנגעלע־גענהייטען פון דעם בעצירק.

Court of Com'mon Pleas (קאורט או, קאמ'-אן פליעז) א געריכט אין איי־ניגע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא פאר ציווילע און קרימינעלע קלאגען פון דעם גאנצען שטאאט אדער בלויז פון א בעצירק [קאונטי]; די אפע־לאציאנס־אבטיילונג פון דעם העכסטען גע־ריכט אין ענגלאנד.

court of con'science (קאורט אוו קאנ'-שענס) אן אמאליגער געריכט אין ענגלאנד, וואס זיין אויפגאבע איז געווען אויפצומאהנען אדער שענקען קליינע חובות.

court of eq'uity (קאורט אוו עק'-ווי-טי) ז. *court of chancery*.

court of fac'ulties (קאורט אוו פעק'-אל-טיז) דאס קירכליכע געריכט אין ענג־לאנד אונטער דער אויפזיכט פון ערצבי־שאף פון קאנטעבורי.

court of guard (קאורט אוו גארד) א וואך־קאמער אין א פעסטונג; א פעסטונג־וואך.

court of inquir'y (קאורט אוו אינ־קהוואיר'-אי) א געריכט וואס אונטערזוכט די קלאגען געגען סאלדאטען און אפיצי־רען און בעשליסט אויב די אנגעקלאגטע דארפען געשטעלט ווערען פאר א קריעגס־געריכט.

Court of King's Bench (קאורט אוו קיננז בענטש) דאס העכסטע געריכט אין ענגלאנד, וואס בעשטעהט פון 5 ריכטער און וואו דער קעניג אליין פלעגט פאר־צייטענס זיין אנוועזענד.

court of rec'ord (קאורט אוו רעק'-ארד) א העכערער געריכט [וואו דער גאנ־צער פראצעס מיט די טענות פון די צדדים ווערען פערשריבען אין פראטאקאלען].

court of request' (קאורט אוו רי־קהוועסט') אן אמאליגער געריכט אין ענג־לאנד, וואס זיין אויפגאבע איז געווען אויפצומאהנען קליינע חובות; אן אמאלי־גער ענגלישער געריכט פאר מענשען וואס האבען זיך געווענדעט צום קעניג מיט גנאד־ביטען.

court of trade (קאורט אוו טרייד) האנדעלס־געריכט.

court'-plas'ter *n.* (קאורט'-פלעס'-טער) א פלאסטער צו בעדעקען קליינע וואונדען.

court'-rolls *n.* (קאורט'-ראולז) גע־ריכטס־פראטאקאלען.

court'ship *n.* (קאורט'-שיפ) דאס שדכנ'ען זיך צו א פרויענצימער.

court'yard *n.* (קאורט'-יארד) אן ארומ־געצאמטער הויף ארום א הויז.

cous'in *n.* (קאזן) א קוזין, א שוועס־טערקינד; א פערוואנדטער.

cous'in ger'man (קאזן דזשויר'-מען) א שוועסטערקינד [א שני בשני].

cous'inhood *n.* (קאזנ'-הוד) די פער־וואנדשאפט פון שוועסטערקינדער.

cous'inly *a.* (קאזנ'-לי) ווי עס פאסט פאר א שוועסטערקינד.

cous'inry *n.* (קאזנ'-רי) בלוט־פערוואנד־שאפט, קרובה'שאפט.

cous'inship *n.* (קאזנ'-שיפ) ז. *cousinhood*.

couteau' *n.* (קוה-טאו') א מעסער; א לאנגער מעסער מיט צוויי שארפען.

couteau' de chasse (קוה-טאו' דע שאס) א יעגער־מעסער.

couvade' *n.* (קוה-וואד') די קואוואדע [א מנהג ביי געוויסע ווילדע פעלקער, אז בעת דאס ווייב געהט צו קינד, לעגט זיך דער מאן אין בעט, שרייט, קרעכצט און ער בעקומט די אויפפאסונג און גוטע שפייזען ווי א קינפעטארין].

cove *n. and v.* (קאוו) א קליינע בוכטע, א קליינער וואסער־אויסגוס אין יבשה; א שמאלער טהאל צווישען בערג; א קאנ־קאווער [רונד אויסגעבויגען נאך אינווע־נינג] דאך, א געוועלב־סטעליע; א מאן, א יונג; מאכען א געוועלב איבער עפעס.

coved cei'ling (קאוווד סיע'-לינג) א קאנקאווע, האלב־רונדיגע סטעליע.

cov'enant *n. and v.* (קאוו'-ע-נענט) אן אבמאך, א בונד; א קאנטראקט; דער צוזאג, די הבטחה [פון גאט]; אבמאכען; שליסען א בונד.

cov'enant-brea'ker *n.* (קאוו'-ע-נענט-בריי'-קער) דער קאנטראקט ברע־כער; דער וואס האלט ניט זיין הבטחה.

cov'enanted *a.* (קאוו'-ע-נען-טעד)

וואס פֿערנעהמט א שטעלע ארער אן אמט אונטער א קאנטראקט.

covenantee' *n.* (קאוו-ע-נענ-טיע') איינער וועלכער נעהמט א בעשטעלונג אונטער א קאנטראקט.

cov'enanter *n.* (קאוו'-ע-נענ-טער) איינער פון די צדדים וואס שליסען א קאנטראקט.

Cov'enanter *n.* (קאוו'-ע-נענ-טער) איינער פון די מענשען אין שאטלאנד, וועלכע האבען אין 17טען יאהרהונדערט געשלאסען א בונד צו פערטיידיגען די פרעסביטעריאנישע קירך געגען דער אנגליקאנישער.

cov'enantor *n.* (קאוו'-ע-נענ-טאר) איינער פון די צדדים וואס האבען זיך פערפליכטעט דורך א קאנטראקט.

Cov'ent Gar'den (קאוו'-ענט-גארדן) א גרויסער פרוכט=מארק [אין לאנדאן]; דאס גרויסע אפערא=טעאטער [אין לאנדאן].

cov'entry-blue *n.* (קאוו'-ענ-טרי-בלוה) א פיינער בלויער פאדים צום שטיקען און האפטען [געמאכט אין קאווענטרי, ענגלאנד].

cov'er *v. and n.* (קאוו'-ער) בעדעקען; בעהאלטען; בעשיצען; אנטהאן די הוט; גרייטען צום טיש; דורכגעהן א געוויסע שטרעקע; זיצען אויף עפּעס; א צודעק; א דאך; זאכען וואס זיינען נויטיג צום טיש ביים עסען; א קאנווערט; א בוך=איינבאנד.

cov'ered *a.* (קאוו'-ערד) צוגעדעקט, בעהאלטען, בעשיצט, מיט דעם הוט אויף'ן קאפּ; געבונדען [ווענען א בוך]; געגרייט [ווענען א טיש].

cov'ered way (קאוו'-ערד הוויי) א פערשטעלטער דורכגאנג [קארידאר] אין א פעסטונג אלס בעשיצונג פון דעם פיינד'ס קאנאנען.

cov'ering *n.* (קאוו'-ער-אינג) איבערצוג, בעדעקונג; דעק, צודעק; בעקליידונג; פערהילונג; דאס ארויפלעגען א דאך.

cov'erlet *n.* (קאוו'-ער-לעט) א דעק; א בעט=דעק.

cov'erlid *n.* (קאוו'-ער-ליד) ז. *coverlet*

cov'er-side *n.* (קאוו'-ער-סאיד) א יאגד=געגענד.

cov'ert *a. and n.* (קאוו'-אוירט) צוגעדעקט, פערבארגען, בעהאלטען, אבגעזונדערט, געהיים; פערשטעלט, בעשיצט; פערהייראט [ווענען א פרוי — א יורידישער אויסדרוק]; א בעשיצונג, בעהעלטעניש; עטוואס וואס דעקט צו, בעהאלט אדער בעשיצט; שירמען; דאס פערשטעלען זיך; אן אויסרייד; אן ענטשולדיגונג; א געדיכט בעוואקסענער ארט אין וואלד; א שאטענדיגער פלאץ; א בעהעלטעניש פון ווילדע חיות; א הורטע [א מחנה] עופות.

cov'ert-bar'on *n.* (קאוו'-אוירט-בער'-אן) ז. *coverture*

cov'ertly *adv.* (קאוו'-אוירט-לי) אין געהיים; בסוד; פריוואט; אויף א פערבארגענעם אדער בעהאלטענעם שטייגער.

cov'ertness *n.* (קאוו'-אוירט-נעס) פערבארגענהייט; דאס טהאן עפּעס בסוד, אין געהיים, פריוואט.

cov'erture *n.* (קאוו'-אויר-טשור) דער פערהייראטער שטאנד פון א פרוי [ווען די פרוי געפינט זיך אונטער דעם מאן'ס שוץ און האט קיין רעכט ניט, לויט דעם געזעץ, צו שליסען געזעצליכע אבמאכען אהן דעם מאן'ס ערלויבנים].

cov'ert-way *n.* (קאוו'-אוירט-הוויי) ז. *covered way*

cov'et *v.* (קאוו'-עט) שטארק בעגעהרען; געלוסטען; חשק האבען צו עפּעס וואס בעלאנגט צו א צווייטען; האבען זינדיגע אדער אונגעזעצליכע פערלאנגען; ווילען עפּעס קריגען אויף אן אונגערעכטען אדער אונגעזעצליכען אופן.

"Thou shalt not **covet**" is the tenth commandment.

cov'etable *a.* (קאוו'-ע-טעבל) וואס מען קען געלוסטען, בעגעהרען.

cov'eter *n.* (קאוו'-ע-טער) איינער וואס געלוסט אדער בעגעהרט.

cov'eting *a.* (קאוו'-ע-טינג) בעגיעריג, געלוסטענדיג, גייציג.

cov'etingly *adv.* (קאוו'-ע-טינג-לי) מיט א שטארקען בעגעהר; מיט גרויס חשק.

cov'etiveness *n.* (קאוו'-ע-טיוו-נעס) דאס געלוסטען; דאס בעגעהרען; דאס זיין גיעריג.

cov'etous *a.* (קאוו'-ע-טאס) וואס האט שטארק חשק, וואס געלוסט, בעגעהרט; גיעריג, האבזיכטיג, גייציג, קארג; וואס שטרעבט עטוואס צו קריגען אויף אן אונגערעכטען אדער אונגעזעצליכען אופן.

cov'etously *adv.* (קאוו'-ע-טאס-לי) מיט שטארקען חשק; מיט בעגעהר; מיט גיערינקייט, דורך גייצינקייט.

cov'etousness *n.* (קאוו'-ע-טאס-נעס) שטארקער חשק; געלוסט; גיערינקייט.

cov'ey *n.* (קאוו'-אי) א הורטע [מחנה] פויגלען; א קאמפּאניע; א מאן; א יונג.

cov'in *n.* (קאוו'-אין) א געהיימע פערבינדונג אימיצען צו שעדיגען אדער צו בעשווינדלען.

co'ving *n.* (קאו'-ווינג) א האלב=רונדע ארויסשטארצונג ביי א געביידע.

cow *n. and v.* (קאו) א קוה; א פיינלינג; א קוימען=דעכעלע, וואס דרעהט זיך מיט'ן ווינד; אזא אויטאמאטישע ברעמזע [טארמאז] צו פערהאלטען די רעדער פון א וואגען ווען ער פאהרט בארג=אראב; איינשרעקען.

coward *n. and a.* (קאו'-ערד) א פחדן, א טרוס, א פיינלינג; שרעקעדיג, פייג.

cow'ardice *n.* (קאו'-ער-דיס) פיינהייט, שרעקעדינקייט.

cow'ardlike *a.* (קאו'-ערד-לאיק) ווי א פיינלינג; פייג.

cow'ardliness *n.* (קאו'-ערד-לי-נעס) ז. *cowardice*

cow'ardly *a. and adv.* (קאו'-ערד-לי) שרעקעדיג; פייג; אזוי ווי א פיינלינג.

cow'ardship *n.* (קאו'-ערד-שיפּ) ז. *cowardice*

cow'bane *n.* (קאו'-ביין) א מין פלאנצע וואס איז שעדליך פאר בהמות.

cow'berry *n.* (קאו'-בער-אי) א מין יאגדע.

cow'-bird *n.* (קאו'-בוירד) א מין אמעריקאנישער שווארצער פויגעל [געפינט זיך אפט לעבען די סטאדעס פיה].

ז. איל. *"Birds of the U. S."*

cow'-black'bird *n.* (קאו'-בלעק'-בוירד) ז. *cow-bird*

cow'-boy *n.* (קאו'-באי) א פּאסטוך פון קיה; א רייטענדער פּאסטוך אין די סטעפּעס פון די מערב=טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא און קאנאדא.

cow'-bun'ting *n.* (קאו'-באנ'-טינג) ז. *cow-bird*

cow'-catch'er *n.* (קאו'-קעטש'-ער) א שינען=רייניגער [אזא פארריכטונג אין פראנט פון אן אייזענבאהן=לאקאמאטיוו אבצוראמען פון די שינען [רעלסען] פערשיעדענע שטערונגען.

cow'-doc'tor *n.* (קאו'-דאק'-טאר) א וועטערינאר [א דאקטאר וואס היילט בהמות].

cow'er *v.* (קאו'-ער) זיך צונויפקארטשען, זיך איינבויגען [אויס שרעק אדער שאנדע]; נידערגעשלאגען ווערען.

cow'-fee'der *n.* (קאו'-פיע'-דער) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט רינד=פיה=צוכט; א קיה=פּאסטוך.

cow'hage *n.* (קאו'-ערדזש) אזא פלאנצע בעדעקט מיט שטעכיגע הערעלעך; די שטעכיגע הערעלעך פון דער פלאנצע [די הערעלעך, געמישט מיט האניג ווערען געברויכט אנשטאט ווערימקרויט].

cow'herd *n.* (קאו'-הוירד) א פּאסטוך פון קיה.

cow'hide *n., a. and v.* (קאו'-האיד) א פעל פון א קוה; א לעדערנער בייטש; וואס איז געמאכט פון קוה=לעדער; שמייסען מיט א לעדערנעם בייטש.

cow'-house *n.* (קאו'-האוס) א שטאל פאר קיה.

cow in milk (קאו אין מילק) א פרישמעלקעדיגע קוה.

cow'ish *n. and a.* (קאו'-איש) ווי א קוה; ווי א בהמה; שרעקעדיג, פייג; א פלאנצע אין שטאאט ארעגאן אין אמעריקא, וואס איז ענליך צו קארטאפעל.

cow'itch *n.* (קאו'-איטש) ז. *cowhage*

cow'-kee'per *n.* (קאו'-קיע'-פער) א קיה=פּאסטוך; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט רינד=פיהצוכט.

cow'-kee'ping *n.* (קאו'-קיע'-פינג) די רינד=פיהצוכט.

cowl *n.* (קאול) א קאפּושאן [א מין קאפּ=צודעק צוגענעהט צום מאנטעל, וואס ווערט געטראגען פון מאנאכען]; א מאנטעל מיט א קאפּושאן; א מאנאך; א דעקעל אין דער פארמע פון א קאפּושאן איבער'ן קוימען; דיא דראטענע זיפּ וואס טהוט זיך אן אויף א קוימען פון א לאקאמאטיוו; א צעבער.

cowled *a.* (קאולד) מיט א קאפּושאן; וואס טראגט א קאפּושאן; וואס האט די פארם פון א קאפּושאן [ביי געוויסע בלעטער פון פלאנצען].

cow'-leech *n.* (קאו'-ליעטש) א וועטערינאר [א דאקטאר פאר בהמות].

cow'-lee'ching *n.* (קאו'-ליע'-טשינג) דאס היילען קראנקע בהמות.

cow'-lick *n.* (קאו'-ליק) א צושויבערטער משוב האר [וואס זעהט אויס ווי די האר פון א קעלבעל'ס פעל ווען די קוה האט עס געלעקט].

cow'-man *n.* (קאו'-מען) איינער וואס גיט זיך אב מיט רינד=פיהצוכט.

co-wor'ker *n.* (קאו-הוואיר'-קער) א מיטארבייטער.

cow'-pars'nip *n.* (קאו'-פּארס'-ניפּ) די בערען=לאפּע [א מין פלאנצע, ביי וועלכער די בלעטער און בליטהען האבען די פארם פון א בערען=לאפּע].

cow'-pea *n.* (קאו'-פּיע) א מין ארבעס אדער בעבלעך, וואס ווערט געזייהט אין די דרום=אמעריקאנישע שטאאטען.

cow'-po'ny *n.* (קאו'-פאו'-ני) א פאני [א קליין פערדעל] וואס ווערט בע־נוצט ביי פאשען בהמות.
cow'pox *n.* (קאו'-פאקס) קוה־פאקען [א מין אנשטעקענדע קראנקהייט פון בהמות].
cow'-punch'er *n.* (קאו'-פאנטש'-ער) א מאן וואס גיט אכטונג אויף גרויסע סטא־דעס פיה [אין דער וועסט פון די פער־אייניגטע שטאאטען].
cow'-quakes *n.* (קאו'-קהווייקס) אזא מין גראז. ז. *quaking-grass*
cow'rie *n.* (קאו'-רי) ז. *cowry*
cow'ry *n.* (קאו'-רי) א מין קליינע מויער־קאפ [בענוצט אלס קליינגעלד ביי געוויסע ווילדע פעלקער אין אפריקא].

Cowry

cow'-shed *n.* (קאו'-שעד) א שטאל פאר קיה.
cow'slip *n.* (קאו'-סליפ) א מין ענגלי־שע ווילדע בלום, וואס וואקסט אין די פעראייניגטע שטאאטען [דיענט אלס מי־טעל איינצוויטלען א וועהטאג].
cow'-tree *n.* (קאו'-טריע) דער קוה־בוים אדער מילך־בוים [אזא בוים אין זיד־אמעריקא וואס ענטהאלט א ווייסלי־כע מילך־עהנליכע פליסיגקייט].
cow'-weed *n.* (קאו'-הוויעד) דער קער־בעל [אזא פלאנצע].
cow'-wheat *n.* (קאו'-הוויעט) וואכטעל־ווייץ [אזא מין ווילד גראז].
cox'a *n.* (קאקס'-א) דער ערשטער גע־לענק פון פוס נעבען קערפער ביי געוויסע חיה'לעך [ווי אינזעקטען].
cox'al *a.* (קאקס'-על) וואס איז שייך צום ערשטען געלענק פון פוס ביי אינזעקטען.
cox'comb *n.* (קאקס'-קאום) א רויטער קאם, ווי דער קאם פון א האהן, וואס די קונצען־מאכער און הויף־נארען פלעגען טראגען אויף זייערע היטעל; דאס היטעל פון א הויף־נאר; דער שפיץ פון קאפ אדער דער קאפ אליין; א פוסטער פראנט.
coxcomb'ical *a.* (קאקס-קאמ'-אי-קעל) ווי א פוסטער יונג אדער פראנט; גאוה'דיג.
coxcomb'ically *adv.* (קאקס-קאמ'-אי-קעל-אי) מעשה פראנט.
cox'combry *n.* (קאקס'-קאום-רי) פראנ־טישע פיהרונגען.
coxcom'ical *a.* (קאקס-קאמ' אי-קעל) ז. *coxcombical*
coxcom'ically *adv.* (קאקס-קאמ'-אי-קעל-אי) ז. *coxcombically*
cox'swain *n.* (קאקס'-סהוויין) דער רו־דערער [פון א שיפעל].
coy *a. and v.* (קאי) בעשיידען, צניעות'־דיג; וואס האלט זיך פון דער ווייטענס; ניט פאמיליאר; גלעטען; לאשטשען; צוציהען; זיין בעשיידען; האלטען זיך אז א זייט.
coy'ish *a.* (קאי'-איש) צניעות'דיג; שע־מעוודיג; בעשיידען.
coy'ly *adv.* (קאי'-לי) אויף א בעשיידע־נעם אופן; ניט עזות'דיג; צוריקגעהאל־טען.
coy'ness *n.* (קאי'-נעס) צוריקגעהאלטענ־קייט; צניעות, בעשיידענקייט.

coyo'te *n.* (קא-יאו'-טע) דער ביל־וואלף [א מין אמעריקאנישער וואלף וואס בילט ווי א הונד].

Coyote

coy'pou *n.* (קאי'-פוה) דער זומפ־ביבער [א זיד־אמעריקאנער ביבער וואס לעבט אין זומפען].
coz *n.* (קאז) א שוועסטערקינד [אבגע־קירצט פון *cousin*].
coz'en *v.* (קאזן) בעטריגען; בעשווינד־לען; פערנארען.
coz'enage *n.* (קאז'נ-עדזש) בעטרוג; שווינדעל; דאס בעטריגען איינעם.
coz'ener *n.* (קאז'נ-ער) א בעטריגער; איינער וואס בעשווינדעלט.
coz'ening *n.* (קאז'נ-אינג) דאס בעטרי־גען; דאס בעשווינדלען.
co'zy *a. and n.* (קאו'-זי) בעקוועם, אנ־גענעהם, געמיטליך; א קאלפאק איבער א טהעע־קענדעל.
C. P. A. אבקירצונג פון די ווערטער *Certified Public Accountant*
cr. אן אבקירצונג פון *credit* און *creditor*
craal *n.* (קראהל [ביי די) א דערפעל [ביי די ווילדע אין אפריקא].
crab *n. and v.* (קרעב) א קראב [א מין ראק]; די קראב־לויז. [ז. *crab-louse*]; א הויב־מאשין [אזא מאשין ארויפצוצי־הען אדער אויפצוהויבען משא]; א מין קליינע ביטער־זויערליכע ווילדע עפעל; דער בוים, אויף וועלכען עס וואקסען אזעלכע עפעל; כאפען קראבען אדער ראַ־קעס; מאכען הינטערטריט ווי א ראק; אויפרייצען, אויפרעגען.

Crab

Crab *n.* (קרעב) [א געוויסע מזל סרטן [א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען אין הימעל].
crab'-ap'ple *n.* (קרעב'-עפל) א ווילדער ביטער־זויערליכער עפעל.
crab'bed *a.* (קרעב'-עד) מיט א זויערען טעם; ברונז'דיג, אנגעבלאזען; ניט איינ־פאך, אונדייטליך, שוועה צו לעזען אדער צו פערשטעהן; אונאינטערעסאנט [וועגען א שרייבער אדער א בוך].

crab'bedly *adv.* (קרעב'-עד-לי) מיט א זויערען טעם; אויף א שווערען, פער־דרעהטען, אונפערשטענדליכען אדער אונ־אינטערעסאנטען אופן.
crab'bedness *n.* (קרעב'-עד-נעס) ברונז'קייט, אנגעבלאזענקייט; שווערקייט, ניט פערשטענדיגקייט.
crab'-ea'ter *n.* (קרעב'-איע'-טער) דער קראבען־עסער [אזא חיה עהנליך צו א פוקס וואס איהר ליעבלינגס־שפייז זיי־נען קראבען]; אזא פויגעל אדער פיש, וואס עסט קראבען.

Crab-eater

crab'-grass *n.* (קרעב'-גרעס) קאמ־גראז [אזא מין גראז].
crab'-louse *n.* (קרעב'-לאוס) די פילץ־לויז [אזא לויז וואס פרעסט זיך איין אין די האר פון קערפער].
crab's'-claw *n.* (קרעבז'-קלאה) די ראק־שערען [דער אונטערשטער טייל פון די פיס פון א ראק וואס זעהט אויס ווי שע־רען].
crab'stock *n.* (קרעב'-סטאק) א יונ־גער ווילדער עפעל־בוים.
crab'-tree *n.* (קרעב'-טריע) דער בוים, אויף וועלכען עס וואקסען ווילדע ביטער־זויערע עפעל.
crack *n., v. and a.* (קרעק) א שפאלט; א ריס; א פעהלער; א חסרון; א קנאק, א קראך; שנעון; א טירוף; א מטורף; שפאלטען; קנאקען; ברעכען; בעריהמען זיך; עפענען [א פלאש] מיט א קנאק; אויסגעצייכענט.
crack a bot'tle (קרעק ע באטל) איופ־קארקעווען א פלאש; מאכען "לחיים" מיט איינעם.
crack'ajack *n. and a.* (קרעק'-ע-דזשעק) א קינסטלער אין זיין פאך [אי־בערהויפט אין ספארט]; אויסגעצייכענט־ליך.
crack a joke (קרעק ע דזשאוק) דער־צעהלען א וויץ; מאכען א שפאס.
crack'-brained *a.* (קרעק'-בריינד) משוגע; מטורף'דיג.
cracked *a.* (קרעקט) צוּפלאצט; צו־שפאלטען; צוריסען; צובראכען; געברא־כען אדער ענדערענדיג זיך [וועגען א שטימע]; געשעדיגט; ניט פאלקאם; מטורף'דיג.
cracked in the nod'dle (קרעקט אין טהי נאדל) מטורף'דיג, משוגע'נעוואטע.
crack'er *n.* (קרעק'-ער) איינער אדער עטוואס וואס צושפאלט, צוברעכט אדער צושטויסט [שטיינער]; א מאשין צו צו־שטויסען שטיינער; א צוויבאק, א סוכאר־קע; א פייערווערק; א בעריהמעריי; א ליגען; אזא ענטעל־עהנליכער פויגעל; א פאפוגאי.
crack'erjack *n. and a.* (קרעק'-ער-דזשעק) ז. *crackajack*
crack hand (קרעק העגד) דער ערשטער אין זיין פאך; א' גומער בעל־מלאכה.
crack horse (קרעק הארס) דאס הויפט פערד ביים וועט־לויפען.
crack'ing *n.* (קרעק'-אינג) דאס צוברע־כען; דאס פלאצען.

crack'ing tools (קרעק'-אינג טוהלז) ברעכאייזענס: גנבים=ווערקצייג צום אויפברעכען שלעסער א. ד. ג.

crack jokes (קרעק דזשאוקס) זיך חכמ'נען.

crack'le *n. and v.* (קרעקל) קראכען, פלאצען; קנאקען, טרעשטשען [ווי ביים ברענען]; בעדעקען עפעס מיט א נעץ פון קליינינקע שפעלטעלעך [ווי פארצעלליי אדער גלאז]; א קנאק, א טרעשטש [ווי ביים ברענען]; א קליין שפעלטעל; א נעץ פון קליינינקע שפעלטעלעך [אויף פארצעלליי אדער גלאז].

crack'led *a.* (קרעקלד) בעדעקט מיט א נעץ פון קליינינקע שפעלטעלעך [ווענען פארצעלליי אדער גלאז].

crack'ling *n.* (קרעק'-לינג) דאס קנאקען, טרעשטשען; די פערברוינטע הויט פון געפרעגעלטען חזיר=פלייש; חזיר=גריבענעס.

crack'nel *n.* (קרעק'-נעל) אזא סוכארקע, אזא צוויבאק.

crack'nels *n.* (קרעק'-נעלז) חזיר=גריבענעס.

crack of doom (קרעק אוו דוהם) דער סיגנאל פאר דעם גרויסען יום הדין [דער טאג, ווען, לויט דעם קריסטליכען גלויבען, יעזוס וועט נאך אמאל לעבעדיג ווערען און די וועלט וועט אונטערגעהן].

crack of the fin'ger (קרעק אוו טהי פינ'-גער) גלייך אויף'ן ארט; איינס און צוויי.

He will do so in a crack of the finger.

crack'-skull *n.* (קרעק'-סקאל) א מטורף.

cracks'man *n.* (קרעקס'-מען) אן איינברעכער.

cra'dle *n. and v.* (קריידל) א וויעגעל; א געבורטס=פלאץ; אבשטאמונג; א קאסע צוזאמען מיט א גראבלע צום שניידען און אין דערזעלבער צייט צונויפצושארען די אבגעשניטענע תבואה; א פאררִיכטונג אין די גאלד=שאכטען אבצוטיילען דאס גאלד פון דער זאמד; א טראג=בעט; וויעגען; איינוויעגען; געהן ארום א קינד; אברייניגען גאלד פון זאמד; שניידען תבואה.

cra'dle-clothes *n.* (קריי'דל-קלאוטהז) די קליידער פון א וויעג=קינד; דאס בעטגעוואנד פאר א וויעג=קינד.

cra'dle-scythe *n.* (קריי'דל-סאיטה) א קאסע צוזאמען מיט א גראבלע צום שניידען און אין דערזעלבער צייט צונויפשארען די תבואה.

cra'dling *n. and a.* (קריי'-דלינג) וויעגענדיג; קינדהייט; דאס געהן ארום א וויעג=קינד; א האלץ=געשטעל צו וועלכען מען קלאפט אן די לייסטען צו מאכען א געוועלב.

craft *n. and v.* (קרעפט) א מלאכה, א האנדווערק; פאכמאנשאפט; קונסט, געשיקטקייט, כיטרעקייט [איבערהויפט אין מאכען און אויספיהרען פלענער צום שלעכטען]; א צעך, א גילדע; א שיף אדער שיפען [בכלל]; מאכען גוטע ארבייט; בויען; מאכען קונצען.

craf'tily *adv.* (קרעפ'-טי-לי) דורך כיטרעקייט; מיט געשיקטקייט; אויף א קונסטפלען אופן.

craf'tiness *n.* (קרעפ'-טי-נעס) געשיקטקייט, כיטרעקייט, קינסטליכקייט.

crafts'man *n.* (קרעפטס'-מען) א בעל מלאכה, א האנדווערקער, א פאכמאן, א קינסטלער; א מיטגליעד פון א צעך אדער פון א גילדע.

craf'ty *a.* (קרעפ'-טי) וואס איז געשיקט אין א מלאכה אדער קונסט; וואס איז געשיקט אין מאכען און אין אויספיהרען פלענער, הויפטזעכליך פאר שלעכטע צוועקען; כיטרע; וואס איז שייך צו א מלאכה; שווינדלעריש.

crag *n.* (קרעג) א שפיציגער, שארסטיגער [ניט גלאטער] פעלזענשטיין; א שארסטיגער אבגעבראכענער פעלז אדער טייל פון א פעלז; די מושעל=זאמד ערד=שיכט [אין געאלאגיע]; א קראפ [א וואליע, א פארדערמאגען ביי עופות].

crag'ged *a.* (קרעג'-עד) פול מיט אבגעבראכענע פעלזענשטיינער; שארסטיג, ניט גלאט, בעדעקט מיט שארפע שפיצען און בערגלעך.

crag'gedness *n.* (קרעג'-עד-נעס) דאס זיין פול מיט צובראכענע, שארסטיגע, שפיציגע פעלזען.

The craggedness of many mountains makes it hard to climb them.

crag'giness *n.* (קרעג'-אי-נעס) ז. *craggedness*

crag'gy *a.* (קרעג'-אי) ז. *cragged*

crags'man *n.* (קרעגז'-מען) איינער וואס קען געשיקט קלעטערען אויף שפיציגע בערג=פעלזען [איבערהויפט אויף די פעלזען ביים ברעג ים צו זאמלען אייער און פאנגען וואסער=פויגלען].

crake *n. and v.* (קרייק) וואכטעל=קעניג [א מין פויגעל]; א קראהע, א ראב, א וואראנע; קראקען [ווי א קראהע].

cra'ker *n.* (קריי'-קער) א בעריהמער.

cram *v. and n.* (קרעם) אנשטאפען, איינבערפילען; זיך שטאפען מיט שפייז; אבקארמענען עופות; אנשטאפען זיך דעם קאפ [לערנענדיג פיעל פאר אן עקזאמען]; זאגען ליגענס; דאס אנשטאפען דעם קאפ [לערנענדיג פיעל פאר אן עקזאמען]; עטוואס וואס מען לערענט אויס אויף שנעל; א ליגען.

Cram'be *n.* (קרעמ'-בי) ים=קרויט [א מין פלאנצען מיט ווייסע בלומען, וועלכע וואקסען ביים ברעג ים].

cram'bo *n. and v.* (קרעמ'-באו) א שפיעל אין גראמען [איינער גיט א ווארט אדער א גאנצע שורה און דער צווייטער דארף צו דעם ווארט אדער צו דער שורה געפינען א גראם]; א ווארט וואס גראמט זיך מיט א צווייטען; שפיעלען אין גראמען.

crame *n.* (קריים) א קרעמעל; א שטעל; א פלאץ וואו מען האלט סחורה; א פעקעל סחורה, דעם הויזירערס [פעדלער'ס] פעקעל סחורה.

cram'mer *n.* (קרעמ'-ער) איינער וואס שטאפט זיך אליין אדער יענעם אן דעם קאפ פאר אן עקזאמען; א ליגען.

cramp *n., a. and v.* (קרעמפ) קראמפף, ספאזמעס; אן אייזערנער קרוק אדער קלאמער, מיט וועלכער מען פערקרעמפעוועט אדער קלאמערט איין צוויי שטיקער האלץ; קלאמערעס [א מין פרעס אין דער פארמע פון א ח מיט א שרויף פון איין זייט, מיט וועלכען עס ווערען צוזאמענגעפרעסט צוויי אדער עטליכע זאכען]; א קאפול [ביי א שוסטער]; צוזאמענגעפרעסט, צונויפגעקרעמפעוועט; פערדרעהט, פערצוקט [ווי א געוויסער כתב וואס איז שווער צו לייענען]; קראמפפען; פערארורזאכען א קראמפף אדער ספאזמעס; צונויפפרעסען; פערקרעמפעווען; אויסציהען לעדער אויף א קאפול; איינשרענקען; הינדערען, מאכען א מניעה.

cramp'-fish *n.* (קרעמפ'-פיש) דער עלעקטריציטעט=פיש [אזא מין פיש וואס לאזט ארויס פון זיך עלעקטריציטעט ווען מען ריהרט איהם אן].

cramp'-i'ron *n.* (קרעמפ'-אי'-ערן) אן אייזערנער קלאמער צו פערקרעמפעווען צוויי שטיקער האלץ.

cram'pit *n.* (קרעמ'-פיט) דאס בלעכעל, מיט וועלכען עס איז בעשלאגען דער אונטערשטער טייל פון א שייד פון א שווערד; אן אייזערנער קלאמער צו פערקרעמפעווען צוויי שטיקער האלץ; די פארם פון א שווערדען=שייד אויף א הערב.

cram'pon *n.* (קרעמ'-פאן) אן אייזען צוגעפעסטיגט צו די שיך [צו העלפען קלעטערען]; אן אינסטרומענט, וועלכער בעשטעהט פון צוויי אייזערנע קרוקעס וואס הענגען אויף איין קייט צו הויבען שווערע משאות; א מין צוגעגעבענער ווארצעל ביי געוויסע פלאנצען, מיט וועלכע זיי האלטען זיך אן אן עפעס און קלעטערען אין דער הויך [ווי ווילדע וויין].

cram'poon *n.* (קרעמ'-פוהן) ז. *crampon*

cram'py *a.* (קרעמ'-פי) וואס ליידט פון קראמפף אדער ספאזמען.

cra'nage *n.* (קריי'-נעדזש) דאס נעצאהלט פאר אויפהויבען משא מיט א הויבמאשין; דאס רעכט צו בענוצען א הויבמאשין ארויסצוהויבען משא פון א שיף אויף א לאנדונג=ארט.

cran'berry *n.* (קרענ'-בער-אי) א מאך=יאגדע אדער א ברוסניצע [א מין רויטליכע יאגדע]; די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסען מאך=יאגדעס אדער ברוסניצעס.

cran'berry-tree *n.* (קרענ'-בער-אי-טריע) אזא בוימעל אדער קוסט, אויף וועלכען עס וואקסען מאך=יאגדעס אדער ברוסניצעס.

cranch *v.* (קרענטש) צודריקען; כראמשקען, צומאלען.

cran'dall *n.* (קרענ'-דעל) א מין האמער וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון שפיציגע שטאהלענע שטעקלעך, מיט וועלכע מען קלאפט ארום א שטיין.

crane *n. and v.* (קריין) דער זשוראוול אדער קראניך [א גרויסער פויגעל מיט לאנגע פיס און א לאנגען האלז]; א הויבמאשין [אזא מאשין איבערצוטראגען שווערע משאות]; אן אייזערנער שטאנג איבער אן אויווען אדער קאמין, אויף וועלכען מען הענגט אויף א טאפ אדער א קעסעל; א ליווער, מיט וועלכען מען צאפט וויין פון א פאס; אויסציהען דעם האלז [ווי א קראניך].

Crane

crane'-fly *n.* (קריינ'-פלאי) אזא אינזעקט מיט לאנגע פיס.

crane's'-bill *n.* (קריינז'-ביל) א מין געראניום=פלאנצען, ביי וועלכע די פרוכט

איז מיט א לאנגען שפיץ; א צוואנג וואס זעהט אויס ווי דער שנאבעל פון א קרא־ ניך [ווערט בענוצט פון דאקטוירים ביי אפעראציעס].

cra'nial *a.* (קריי'-ני-על) וואס אנבע־ לאנגט צום שארבען פון קאפ; וואס איז שייך צו דעם טייל פון שארבען וועלכער ענטהאלט דעם מארך.
Uncivilized people have comparatively smaller cranial capacity.

craniog'nomy *n.* (קריי-ני-אג'-נא-מי) די לעהרע אדער די מעטאדע צו מעסטען די פארמען פון שארבען אלס א מיטעל צו אורטיילען וועגען כאראקטער און פע־ היגקייטען פון מענשען.

cra'niograph *n.* (קריי'-ני-א-גרעף) אן אינסטרומענט צו מאכען אן אבביל־ דונג פון מענשליכען שארבען מיט א בע־ צייכנונג פון אלע זיינע וויכטיגסטע פונק־ טען.

craniog'raphy *n.* (קריי-ני-אג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון שארבען אדער שיידעל פון קאפ.

craniolog'ical *a.* (קריי-ני-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען דעם שארבען פון מענשליכען קאפ.

craniol'ogist *n.* (קריי-ני-אל'-א-דזשיסט) איינער וואס קען די לעהרע ווע־ גען דעם שארבען פון קאפ.

craniol'ogy *n.* (קריי-ני-אל'-א-דזשי) קראניאלאגיע [די לעהרע וועגען דעם שארבען פון מענשליכען קאפ].

craniom'eter *n.* (קריי-ני-אמ'-ע-טער) א קראניאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם קאפ־שארבען].

craniomet'ric *a.* (קריי-ני-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צום מעסטען דעם קאפ־שארבען.

craniomet'rical *a.* (קריי-ני-א-מעט'-רי-קעל) ז. *craniometric*

craniom'etry *n.* (קריי-ני-אמ'-עט-רי) קראניאמעטריע [די קונסט צו מעסטען דעם שארבען פון קאפ].

cra'nium *n.* (קריי'-ני-אם) דער שאר־ בען פון קאפ.

crank *n., v. and a.* (קרענק) א קורבעל, אן אויסגעבויגענע הענטעל פון א מאשין; א געקרעפטער [געבויגענע היז און צוריק] וואל פון א מאשין; אן אייזערנער קלא־ מער; א געוויסער אינסטרומענט צו בע־ שטראפען ארעסטאנטען אין טורמע [בע־ שטעהט פון א ראד, ווי דער וואסער־ראד פון א דאמפף־שיף, וועלכען דער ארעס־ טאנט דארף דרעהען אין א פאס פול מיט זאמד]; א מטורף, א קאפריזניק, א מא־ ניאק; דרעהען זיך; אויסבויגען אין דער פארם פון א קורבעל; צומאכען אן אויס־ געבויגענע הענטעל צו א ראד; וואס קען זיך לייכט איבערקעהרען [וועגען א שיף וואס האט א שמאלען דעק אדער וואס האט ווייניג באלאסט]; שוואנקענד; אין א שוואנקענדער לאגע; מונטער; פעסט ביי זיך.


Cranks

crank'-axle *n.* (קרענק'-עקסעל) אן אקס, וועלכער איז צווישען די רעדער אויסגע־ בויגען אראב־צו, כדי דער וואגען־קאסטען זאל זיצען נידריגער; דער טרייב־אקס אין א לאקאמאטיוו.

crank'-bird *n.* (קרענק'-בוירד) דער קליינער האלץ־פיקער אדער ריאטעל [א מין פויגעל].

crank'-brace *n.* (קרענק'-בריים) א גע־ בויגענער קלאמער אדער קרעמפע [אזא טישלער־געצייג צום איינקלעמען שטיקער האלץ וואס דארפען בעארבייט ווערען].

cranked *a.* (קרענקט) וואס האט א קור־ בעל [אן אויסגעבויגענע הענטעל] צו דרעהען.

crank'-hook *n.* (קרענק'-הוק) דער שטאנג אין א טאקער־מאשין, וועלכער פער־ איינגיגט דאס טרעט־ברעטעל מיט'ן ראד.

cran'kiness *n.* (קרענ'-קי-נעס) דאס האבען קאפריזען אדער משוגעת'ען; דאס שוואנקען, די נייגונג איבערצוקעהרען זיך.

crank'-shaft *n.* (קרענק'-שעפט) א קור־ בעל־וואל [א וואל וואס דרעהט זיך דורך אן אויסגעבויגען הענטעל].

crank'-si'ded *a.* (קרענק'-סאי'-דעד) וואס וואקעלט זיך אויף ביידע זייטען, וואס קען זיך איבערקעהרען [ווי א לייכ־ טע שיף מיט א שמאלען דעק].

cran'ky *a.* (קרענ'-קי) קאפריזנע, משוגע; וואס קען זיך איבערקעהרען; מונטער; זיכער אין זיך.

cran'nied *a.* (קרענ'-איד) פול מיט שפאלטען אדער ריצען.

cran'ny *n., a. and v.* (קרענ'-אי) א שפאלט, א ריץ, אן אינסטרומענט צו מא־ כען די העלזלעך פון פלעשער; לוסטיג, מונטער; ווערען פול מיט שפאלטען אדער ריצען; אריינדרינגען דורך א שפאלט.

cran'tara *n.* (קרענ'-טע-רא) דער פייע־ ריגער קרייץ [א הילצערנער צלם מיט ארומגעברענטע ברעגעס, וועלכער פלעגט אמאל דיענען אין שאטלאנד אלס סיגנאל צוזאמענצוקלייבען זיך אויף מלחמה].

crape *n. and v.* (קרייפ) קרעפ [א מין דינער טוך וועלכען מען טראגט בשעת טרויער]; גרייזלען; בעדעקען מיט קרעפ אלס א צייכען פון טרויער.

crape'-cloth *n.* (קרייפ'-קלאהטה) קרעפ; שווארצע וואלענע צייג, וועלכע מען בע־ נוצט אלס טרויער־קליידער.

crape'-fish *n.* (קרייפ'-פיש) אן איינגע־ זאלצענער און איינגעפרעסטער שטאק־ פיש. ז. *cod*

crap'ulence *n.* (קרעפ'-יו-לענס) שכרות; דער קאצעניאמער, דער קרענק־ ליכער צושטאנד נאך'ן איבער'שיכור'ען זיך.

crap'ulent *a.* (קרעפ'-יו-לענט) אנ־ גע'שיכור'ט; בעזויפען.

crash *v. and n.* (קרעש) קראכען; קנא־ קען; צוברעכען זיך מיט א קראך; צו־ ברעכען, צושמעטערען מיט א קראך; א קנאק, א קראך; דאס ברעכען, דאס צו־ שמעטערען; דער באנקראט; א קארב פול מיט שערבלעך און שטיקער גלאז, וואס ווערט בענוצט אין א טעאטער פארצושטע־ לען א ברעכעריי פון שויבען א. ד. ג.; א מין גראבער לייווענד צו פאקען סחורות אדער איינדעקען זאכען.

cra'sis *n.* (קריי'-סיס) דער טעמפערא־ מענט, דער בוי פון'ם קערפער; די צוזא־ מענגיסונג פון צוויי פערשידענע וואקא־ לען אין איין לאנגען וואקאל אדער דיפ־ טאנג.

crass *a.* (קרעס) גראב, רויה, טעמפ.
Such statements show crass ignorance on the part of a speaker.

crassamen'tum *n.* (קרעס-ע-מענ'-טאם) א קנויל [פון עפעס וואס ווערט צונויפגעדריקט]; די געדיכטע טיילען פון בלוט; א פערגליווערטע שטיק.

crass'itude *n.* (קרעס'-אי-טיוד) דיק־ קייט, רויהייט, גראבקייט, געדיכטקייט.

crass'ly *adv.* (קרעס'-לי) מיט גראבקייט; אויף א דומען, אונוויסענדען אופן.

crass'ness *n.* (קרעס'-נעס) דיקקייט, גראבקייט, רויהייט, געדיכטקייט, דומהייט.

crate *n.* (קרייט) א פאק־קארב [הויפט־ זעכליך פאר גלעזערנע און פארצעלייענע כלים].

cra'ter *n.* (קריי'-טער) די עפענונג אין א פייער־שפייענדען בארג; א וויין־כלי [ביי די אלטע גריכען]; אן אויסהוילונג וואס בילדעט זיך פון דער עקספלאזיאן פון א מינע.

Crater

crater'iform *a.* (קרע-טער'-אי-פארם) וואס זעהט אויס ווי די עפענונג פון א פייער־שפייענדען בארג, וואס איז אויס־ געהוילט אין דער פארם פון אן איבערגע־ קעהרטען קאנוס [די איבערגעקעהרטע פארם פון א היטעל צוקער].

craunch *v.* (קראנטש) צוגריזען, צוביי־ סען.

cravat' *n. and v.* (קרע-וועט') א קרא־ וואט, א האלזטוך; אנטהאן א האלזטוך.

crave *v.* (קרייוו) שטארק בעטען, פער־ לאנגען; שמאכטען, לעכצען נאך עפעס; מאהנען שטארק א חוב.
My appetite craves simple food.

cra'ven *n., a. and v.* (קרייווען) פייג, שרעקעדיג; א פייגלינג; מאכען שוואך, פייג, מוטלאז.

cra'ver *n.* (קריי'-ווער) איינער וואס בעט שטארק אדער פערלאנגט עפעס.

cra'ving *n.* (קריי'-ווינג) א שטארקער פערלאנג, בעגעהר; דאס בענקען; א שטארקער אפעטיט.

cra'vingly *adv.* (קריי'-ווינג-לי) מיט שטארקען בעגעהר.

cra'vingness *n.* (קריי'-ווינג-נעס) דאס בעגעהרען שטארק; זעהנזיכטיגקייט.

craw *n.* (קראה) דער קראפ [די וואליע] פון א פויגעל; דער מאגען ביי חיות.

craw'fish *n. and v.* (קראה'-פיש) א טייך־קרעבס [ראק]; איינער וואס טרעט צוריק, ענטזאגט זיך פון זיינע איבערציי־ גונגען; א פאליטישער אבטריניגער; קרי־ כען ווי א ראק [צוריקוועגס אדער אן א זייט].

Crawfish

crawl *n. and v.* (קראהל) קריכען, פויזען [ווי א ווארים]; אריינמאכען זיך, אריינגנב׳ענען זיך; שוידערען [ווי ווען ווערים וואלטען געקראכען איבער׳ן לייב]; שוויבלען און גריבלען [וועגען ווערים א. ד. ג.]; דאס קריכען, דאס פויזען; א פישבעהאלטער [אן אבגעצאמטער פלאץ ביים ים, וואו מען האלט פיש].

craw'ler *n.* (קראה׳-לער) איינער אדער עטוואס וואס קריכט; א קריכעדיגע בעשעפעניש [א ווארים, א שלאנג].

craw'lingly *adv.* (קראה׳-לינג-לי) אויף א קריכענדען שטייגער.

crawl in'to one's hole (קראהל אינ׳-טו הוואנז האול) אוועקגעהן אן אבגעשמיסענער.

craw'ly *a.* (קראה׳-לי) וואס רופט ארויס אן עמפפינדונג ווי ווען א ווארים קריכט איבער׳ן לייב.

cray *n.* (קריי) אנגעשאטענע ערד אדער א געביידע ביים ברעג פון א טייך אלס בעשיצונג געגען א פערפלייצונג.

cray'fish *n.* (קריי׳-פיש) א טייך-קרעבס. ז. *crawfish*.

cray'on *n., a. and v.* (קריי׳-אן) פאסטעל, קרייאן [געברויכט צום צייכנען. ווערט געמאכט פון פערשיעדענע מינעראלען, ווי רויטע אדער שווארצע קרייד, אדער פאבריצירט פון א קרייד-מאסע, געפארבט און פערשטארקט מיט וואקס, זייף א. ד. ג.]; צייכנען מיט א פאסטעל-שטיפט; א פאסטעל-צייכנונג; געמאכט פון פאסטעל; סקיצירען, אנווארפען אויף פאפיער; פלאנעווען.

cray'onist *n.* (קריי׳-אנ-איסט) איינער וואס צייכענט אדער מאהלט מיט פאסטעל-שטיפטען. ז. *crayon*.

craze *n. and v.* (קרייז) שפאלטען, זיך שפאלטען [הויפטזעכליך וועגען דער גלאזור פון כלים]; משוגע מאכען; משוגע ווערען; א שפאלט [איבערהויפט אין דער גלאזור פון כלים]; משוגעת; א משוגע׳נער פערלאנג; א משוגע׳נע ליידענשאפט [מעהרסטענטייל אזא, וואס כאפט ארום גאנצע גרופען מענשען, ווי די מאניע צו קויפען אלטע מעבעל, זאמלען אלטע מטבעות א. ד. ג.].

crazed *a.* (קרייזד) משוגע, פעררוקט; צושפאלטען [וועגען דער גלאזור אויף כלים].

cra'zedness *n.* (קריי׳-זעד-נעס) צובראכענקייט, שוואכקייט; משוגעת, פעררוקטקייט.

cra'zily *adv.* (קריי׳-זי-לי) אין א צובראכענעם צושטאנד; אויף א משוגע׳נעם אופן.

cra'ziness *n.* (קריי׳-זי-נעס) משוגעת, פעררוקטקייט.

cra'zing *n.* (קריי׳-זינג) צושפאלטונג [וועגען דער גלאזור אויף כלים].

cra'zy *a.* (קריי׳-זי) 1. משוגע, פעררוקט; וואס האט א משוגע׳נעם פערלאנג, א מאניע; שוואך; 2. צובראכען [וועגען א געביידע, א שיפעל א. ד. ג.].

2. They got a crazy boat to carry them to the island.

cra'zy-bone *n.* (קריי׳-זי-באון) דער עלענבויגען-ביין.

cra'zy-quilt *n.* (קריי׳-זי-קהווילט) א קאלדרע אדער א דעקע וואס איז אויסגענעהט און בעציערט מיט פערשיעדענע שטיקלעך קאלירטע זייד און אנדערע מאטעריאלען אין א פאנטאסטישער, ניט רעגעלמעסיגער ארדנונג.

cra'zy-work *n.* (קריי׳-זי-הוואירק) אזא מין אויסנעהען [קאלדרעס, דעקען א. ד. ג.]. ז. *crazy-quilt*.

creak *v. and n.* (קריעק) סקריפען, קנאקען; א סקריפ.

crea'king *n. and a.* (קריע׳-קינג) דאס סקריפען, דאס קנאקען; סקריפענדיג, קנאקענדיג.

The wagon was heard **creaking** on the highway.

crea'ky *a.* (קריע׳-קי) וואס סקריפעט, וואס קנאקט.

cream *n. and v.* (קריעם) שמאנט, סמעטענע; דאס וואס איז ענליך צו שמאנט [ווי געוויסע פליסיגקייטען אדער זאלבען]; דער תמצית, דער עיקר פון א זאך; א זיסע זאך וואס ווערט געמאכט פון שמאנט מיט צוקער; א נאמען פון געוויסע רפואות; אראבנעהמען די שמאנט; אויסקלייבען דאס בעסטע; בעדעקען זיך מיט שמאנט; שוימען.

cream'-cheese *n.* (קריעם׳-טשיעז) שמאנט-קעז [אזא ווייכער קעז, וואס ווערט געמאכט פון ניט אבגעשמאנטע מילך].

cream'-col'ored *a.* (קריעם׳-קאל׳-ארד) פון ווייס-געלבען קאליר, פון קרעם קאליר.

crea'mer *n.* (קריע׳-מער) אן אפאראט, מיט וועלכען מען טיילט אב מילך פון שמאנט; א כלי צו האלטען סמעטענע.

crea'mery *n.* (קריע׳-מע-רי) א פלאץ וואו מען האלט מילך אום צו מאכען סמעטענע; א געשעפט וואו מען מאכט פוטער; א פלאץ וואו מען פערקויפט סמעטענע.

cream'-faced *a.* (קריעם׳-פייסט) בלייך, בלאס; מיט א צושראקענעם פנים.

crea'miness *n.* (קריע׳-מי-נעס) דאס זיין מיט שמאנט; דאס האבען די אייגענשאפטען פון שמאנט.

crea'ming-pan *n.* (קריע׳-מינג-פען) א לאדעשקע, א קריגעל, אין וועלכען מילך שטעהט זיך איין און די שמאנט געהט ארויף צום אויבען.

cream'-nut *n.* (קריעמ׳-נאט) דער בראזיליען-נוס [די פרוכט פון א געוויסער פאלמע פון די ווארעמע לענדער].

cream of lime (קריעם אוו לאים) קאלך-מילך [דאס וואס עס זעצט זיך אב פון קאלך-וואסער ווען עס שטעהט אבגעדעקט].

cream of tar'tar (קריעם אוו טאר׳-טאר) קרעמארטארטאר אדער וויין-שטיין [אזא ווייסער כעמישער שטאף, וואס געפינט זיך אין וויינטרויבען און אין הייוועז פון וויין און דיענט אין דער מעדיצין אלס א געוויסער הייל-מיטעל].

cream of the cream (קריעם אוו טהי קריעם) דאס אויבערשטע פון שטויסעל; די סאמע פני פון דער געזעלשאפט.

cream of the val'ley (קריעם אוו טהי וועל׳-אי) אזא מין ענגלישער שנאפס.

creamom'eter *n.* (קריע-מאמ׳-ע-טער) אן אינסטרומענט, וועלכער בעווייזט וויפיעל שמאנט עס געפינט זיך אין דער מילך.

cream'-pitch'er *n.* (קריעם׳-פיטש׳-ער) א שמאנט-קרוג.

cream'-pot *n.* (קריעם׳-פאט) א שמאנט-טאפ.

cream'-sep'arator *n.* (קריעם׳-סעפ׳-ע-ריי-טאר) אן אפאראט, מיט וועלכען מען נעהמט אראב די שמאנט פון מילך.

crea'my *a.* (קריע׳-מי) פול מיט שמאנט אדער סמעטענע; פעט; שמאנט-פארביג; קלעפיג.

crease *n. and v.* (קריעס) א קנייטש, א ליניע אויף׳ן פלאץ, וואו מען שפיעלט קריקעט; איינקנייטשען; פערבויגען [ווי א בלעטעל אין א בוך].

cre'asote *n. and v.* (קריע׳-ע-סאוט) ז. *creosote*.

crea'sy *a.* (קריע׳-סי) פול מיט קנייטשען.

The coat is not well pressed; it is creasy.

crea'table *a.* (קרי-איי׳-טעבל) וואס קען בעשאפען ווערען.

create' *v.* (קרי-אייט׳) בעשאפען, ארויסרופען; געבערען; בעשטימען, שאפען אן אריגינעלע זאך.

crea'tion *n.* (קרי-איי׳-שאן) די שעפפונג; אלץ וואס איז בעשאפען געווארען [די וועלט אין אלגעמיין]; דאס געשאפענע; דאס בעשאפען; דאס בעשטימען איינעם צו א העכערען אמט אדער טיטול.

crea'tional *a.* (קרי-איי׳-שאנ-על) וואס איז שייך צו די שעפפונג.

crea'tionism *n.* (קרי-איי׳-שאנ-איזם) די לעהרע, אז די גאנצע וועלט און אלע מינים חיות און פלאנצען זיינען בעשאפען געווארען פון גאט מיט אמאל און אין דערזעלביגער פארם ווי זיי עקזיסטירען איצט, און זיינען ניט ענטשטאנען דורך א לאנגזאמער און שטופענווייזער ענטוויקלונג; די לעהרע, אז פאר יעדען מענשען בעזונדער בעשאפט גאט א בעזונדערע נשמה, אין דער צייט ווען די גופים אדער די קערפערם פון אלע מענשען בעשטעהען פון איין מאטעריע.

crea'tionist *n.* (קרי-איי׳-שאנ-איסט) איינער וועלכער האלט זיך אן דער לעהרע, אז די גאנצע וועלט מיט אלע בעשעפענישען האט גאט בעשאפען מיט איין מאל און אין דערזעלבער פארם ווי זיי עקזיסטירען היינט. ז. *creationism*.

crea'tive *a.* (קרי-איי׳-טיוו) וואס קען בעשאפען; שאפענד; וואס איז שייך צו דער שעפפונג.

crea'tive imagina'tion (קרי-איי׳-טיוו אי-מעדזש-אי-ניי׳-שאן) די שאפענדע פארשטעלונגס-קראפט, די פעהיגקייט ארויסצוברייגנען אדער פארשטעלען אן אריגינעלע זאך, וואס איז ביז איצט ניט געוועזן.

crea'tiveness *n.* (קרי-איי׳-טיוו-נעס) די פעהיגקייט צו שאפען, ערפינדען אדער ארויסברייגנען אן אריגינעלע זאך.

Crea'tor *n.* (קרי-איי׳-טאר) דער בעשעפער, גאט.

crea'tor *n.* (קרי-איי׳-טאר) א בעשעפער; איינער וואס שאפט אן אריגינעלע זאך.

crea'torship *n.* (קרי-איי׳-טאר-שיפ) דאס זיין א בעשעפער; דאס שאפען אן אריגינעלע זאך.

crea'tress *n.* (קרי-איי׳-טרעס) א בעשעפערין; די וואס ברייגנט ארויס עפעס.

crea'tural *a.* (קריע׳-טשור-על) וואס איז שייך צו די בעשעפענישען.

crea'ture *n. and a.* (קריע׳-טשור) א בעשעפעניש; א מענש; א פערזאן; א קרעאטור [אימעצענס ווערקצייג]; דאס ווערק, די בעשאפונג; א שנאפס; וואס איז שייך צום קערפער.

crèche *n.* (קרייש) אן אנשטאלט וואו קינדער, וועמעס מוטערס ארבייטען, ווערען געהאלטען דורך׳ן טאג; אן אנשטאלט פאר פערלאזענע קליינע קינדער.

creden'da *n.* (קרי-דענ׳-דא) עיקרים פון א רעליגיאן; זאכען, אין וועלכע מען דארף גלויבען [אין געגענזאץ צו זאכען, וועלכע מען ווייסט פון ערפאהרונג].

creden'dum *n.* (קרי-דען'-דאם) איינער פון די עיקרים פון א רעליגיאן.
ז. ***credenda***

creden'tial *n. and a.* (קרי-דען'-שעל) וואס בעגלויביגט אדער בעשטעטיגט אימעצענס פערזענליכקייט אדער רעכט; א בעגלויביגונגס־צייגניס.

creden'tials *n.* (קרי-דען'-שעלז) בעפאלמעכטיגונגס־צייגניסע; בעגלויביגונגס־צייגניסע.
The delegates to the convention presented their credentials.

credibil'ity *n.* (קרעד-אי-ביל'-אי-טי) גלויבווירדיגקייט.
The judge tested the credibility of the witnesses.

cred'ible *a.* (קרעד'-איבל) וואס מען מעג זיך פערלאזען דארויף, וואס מען קען גלויבען.

cred'ibleness *n.* (קרעד'-איבל-נעס)
ז. ***credibility***

cred'ibly *adv.* (קרעד'-אי-בלי) אויף אן אופן וואס מען קען זיך דארויף פערלאזען.
I am credibly informed that this statement is true.

cred'it *n. and v.* (קרעד'-איט) דאס טרויען, דאס גלויבען; איינפלוס, עהרע; בארג; גלויבווירדיגקייט; גלויבען; טרויען; פערשאפען עהרע; קרעדיטירען, פערקויפען אויף בארג; פערשרייבען אין געשעפטס־ביכער אויף דער קרעדיט־זייט [די זייט פון בוך וואו עס ווערען איינגעשריבען די איינצאהלונגען].

creditabil'ity *n.* (קרעד-אי-טע-ביל'-אי-טי) דאס זיין גלויבענסווירדיג.

cred'itable *a.* (קרעד'-אי-טעבל) וואס פערשאפט אכטונג אדער א גוטען נאמען; עהרענהאפט.

cred'itableness *n.* (קרעד'-אי-טעבל-נעס) אכטונג, דער גוטער נאמען; דאס ארויסרופען בעוואונדערונג; דאס ווערען נאכגעאהמט.

cred'itably *adv.* (קרעד'-אי-טע-בלי) אויף א ווירדיגען, עהרענהאפטען אופן.
He passed the examination creditably.

cred'itor *n.* (קרעד'-אי-טאר) א קרעדיטאר, א מלוה [דער וואס בארגט יענעם געלד אדער סחורות].

cred'itors' side (קרעד'-אי-טארז סאיד) די קרעדיט־זייט אין די געשעפטס־ביכער [די זייט, וואו עס ווערען אריינגעשריבען די איינצאהלונגען].

cred'itrix *n.* (קרעד'-אי-טריקס) א פרוי וואס לייהט אדער בארגט.

cred'it-u'nion *n.* (קרעד'-איט-יו'-ניאן) א קאאפעראטיווע געזעלשאפט, וואס האט די אויפגאבע צו געבען אויף א משכון הלואות צו איהרע מיטגליעדער.
The Jewish farmers of America have created credit-unions to loan money.

cre'do *n.* (קריע'-דאו) קרעדא, דאס קריסטליכע "אני מאמין"; א מוזיקאלישע פערפאסונג פון דעם "אני מאמין"; גלויבענס־בעקענטניס; איבערצייגונגען.

credu'lity *n.* (קרע-דיו'-לי-טי) לייכט־גלויביגקייט.
The middle ages were the centuries of credulity.

cred'ulous *a.* (קרעד'-יו-לאס) לייכט־גלויביג.

cred'ulously *adv.* (קרעד'-יו-לאס-לי) מיט לייכטגלויביגקייט.

cred'ulousness *n.* (קרעד'-יו-לאס-נעס)
ז. ***credulity***

creed *n.* (קריעד) א גלויבען; דאס "אני מאמין", די עיקרים פון א לעהרע, בעזונדערס פון א רעליגיאן.

creed'less *a.* (קריעד'-לעס) וואס האט ניט קיין פעסטבעשטימטען גלויבען אדער איבערצייגונגען.

creek *n.* (קריעק) א קליינע בוכטע; א קליין טייכעל.

cree'ky *a.* (קריע'-קי) פול מיט בוכטען; געדרעהט.

creel *n. and v.* (קריעל) א קארב, א פיש־קאשיק; א שפול־רעהמעל [אין א שפינמאשין]; כאפען פיש מיט א ווענטקע.

creep *n. and v.* (קריעפ) קריכען; וואקסען אויסגעשפרייט ביים סאמע באדען [וועגען פלאנצען]; זיך ציהען אין דער לענג [וועגען אייזענבאהן־שינען]; אויפשוידערען [ווי ווען ווערים וואלטען געקראכען איבער'ן לייב]; דאס קריכען.

cree'per *n.* (קריע'-פער) א קריכער; א פלאנצע וואס וואקסט ציהענדיג זיך איבער דער ערד; א פויגעל פון די מינים וואס קלעטערען אדער קריכען אויף בוימער אדער צווישען קוסטעס; א שארף אייזענדעל צוגעפעסטיגט צום שיך כדי זיך ניט אויסגליטשען אויף'ן אייז.

Creeper

crumb *n. and v.* (קראם) א שטיקעל, א ברעקעל [פון ברויט, קוכען א. ד. ג.]; דער אינוועניגסטער ווייכער טייל פון ברויט און קוכען; צוברעקלען; בעדעקען מיט ברעקלעך ברויט [געפרעגעלט פלייש א. ד. ג.].

crumb-and-crust man (קראם־ענד־ קראסט מען) א בעקער.

crumb'-brush *n.* (קראמ'־בראש) א בארשט, מיט וועלכער מען שארט אראב ברויט־ברעקלעך פון טיש.

crumb'-cloth *n.* (קראמ'־קלאטה) א שטיק שטאף וואס ווערט געלעגט אונטער'ן טיש צו פערהיטען דעם דיל אדער דעם טעפיך פון ברויט־ברעקלעך.

crumb'-knife *n.* (קראמ'־נאיף) א מע־ סער וואס מען ניצט אראבצושארען ברויט־ ברעקלעך פון טיש.

crum'ble *n. and v.* (קראמבל) א ברע־ קעל; צוברעקלען; זיך ברעקלען; צופאלען אויף שטיקלעך; פערשווינדען שטיקלעכ־ ווייז; פערשווינדען אונבעמערקט.

crum′bly *a.* (קראמ׳-בלי) ברעקעלדיג.

crum′mable *a.* (קראמ׳-עבל) ברעקעלדיג; וואס האט א טבע זיך צו ברעקלען.

crum′my *a.* (קראמ׳-אי) קרוכקע; ברעקעלדיג; ווייך.

crump *n., v. and a.* (קראמפ) טרעשטשען [ווי ווען מען עסט פערדארטע אדער קרוכקע ברויט אדער ווי דאס טרעשטשען פון פערפרארענעם שניי]; קראמפף; זיין צודרעהט, קאפריזנע; פערדארט, קרוכקע, ברעקעלדיג.

crum′pet *n.* (קראמ׳-פעט) אזא טהעע־קיכעל.

crum′ple *n. and v.* (קראמפל) איינשרומפען; צוקנייטשען; איינלויפען; צוקנייטשט ווערען; עטוואס וואס איז צוקנייטשט אדער איינגעשרומפען; א קנייטש, א פאלד.

crum′pler *n.* (קראמ׳-פלער) א האלזטוך.

crum′pling *n.* (קראמ׳-פלינג) אן איינגעשרומפענער עפעל.

crum′py *a.* (קראמ׳-פי) קרוכקע; ברעקעלדיג.

crunch *n. and v.* (קראנטש) צוברעכען מיט די צייהנער; קייען; קייען מיט א גערויש, כראמשקען; צורייבען, צומאלען, צושטויסען מיט א גערויש; טהאן עפעס מיט א גערויש ווי מען כראמשקעט; מאכען א גערויש ווי פון כראמשקען; דאס כראמשקען; דאס דורכברעכען זיך אדער דאס אנשטויסען זיך אן עפעס מיט א גערויש ווי פון כראמשקען.

cru′or *n.* (קרו׳-אר) פערגליווערט אדער פערהארטעוועט בלוט.

crup *n.* (קראפ) דאס קרייץ פון א פערד [דער טייל פון א פערד׳ס רוקען וואס איז הינטער דעם זאטעל]; א הארב.

crup′per *n. and v.* (קראפ׳-ער) דאס קרייץ פון א פערד [דער טייל פון א פערד׳ס רוקען וואס איז הינטער דעם זאטעל]; א רימען צו בעפעסטיגען א זאטעל [דער רימען וואס געהט דורך אונטער דעם פערד׳ס עק]; בעפעסטיגען א זאטעל מיט אזא רימען.

cru′ral *a.* (קרו׳-רעל) וואס איז שייך צום שימביין [דער טייל פון פוס צווישען קניע און קנעכעל].

crusade′ *n.* (קרו-סייד׳) 1. א קרייצצוג [איינע פון די מיטעלאלטערליכע עקספעדיציעס פון די קריסטליכע פעלקער צו ראטעווען ארץ ישראל פון טערקיי׳ס הענד]; 2 א שטארקע בעוועגונג פאר אן אידעע.

2. The Mayor inaugurated a **crusade** against gambling in the city.

crusa′der *n.* (קרו-סיי׳-דער) א קרייצפאהרער [דער וואס האט גענומען אנטייל אין א קרייצצוג]. ז. *crusade*.

crusa′ding *a.* (קרו-סיי׳-דינג) וואס איז שייך צו א קרייצצוג; וואס נעהמט אנטייל אין א קרייצצוג.

cruse *n.* (קרוס) א ליימענער טאפ, א קרוג, א פלעשעל.

cru′set *n.* (קרו׳-סעט) א גאלדשמיד׳ס שמעלין־טיגעל.

crush *v. and n.* (קראש) צוקוועטשען, צוברעקלען, צומאלען; דריקען, אונטערדריקען, גובר זיין, פערטיליגען, א תל מאכען; צוקנייטשען, צוזאמענגעפרעסט ווערען; א שטויסעניש [פון מענשען], א דריקעניש, א קוועטשעניש.

crush a cup (קראש ע קאפ) ארייננגיסען א גלעזעל אין א גוטער, פריינדליכער קאמפאניע.

crushed *a.* (קראשט) צוקוועטשט, צוקנייטשט, צובראכען, צושטויסען, צומאלען; געדריקט, צודריקט, אונטערדריקט; בעזיעגט.

crush′er *n.* (קראש׳-ער) איינער אדער עטוואס וואס צושטויסט, צודריקט, אדער מאכט א תל; איינער וואס איז גובר; א פאליציסט.

crush′-hat *n.* (קראש׳-העט) א הוט, וואס קען צוזאמענגעלעגט ווערען; אן אפערא־הוט.

crush′ing *a.* (קראש׳-אינג) וואס האט א נייגונג אדער וואס קען צודריקען, צושטויסען, צומאלען, גובר זיין, א תל מאכען.

crush′ing-machine′ *n.* (קראש׳-אינג-מע שין׳) א מאשין וואס צושטויסט, צומאלט שטיינער אדער אנדערע עהנליכע זאכען.

crush one’s hopes (קראש הוואנז האופז) מאכען צו גארנישט אימעצענס האפנונגען; אימעצען אבהענדיג מאכען.

crush′-room *n.* (קראש׳-רוהם) דער בופעט, דער פלאץ אין א טעאטער, וואו דער עולם שפאציערט ארום בעת די אנטראקטען.

crust *n. and v.* (קראסט) קארע, הארטער שאלעכץ; א סקארינקע פון ברויט; די אויבערפלעכע פון דער ערד; די אויבערשטע הארטע טיילען [פון א קרעבס, מושעל א. ד. ג.]; בעדעקען מיט א הארטען שאלעכץ; בעדעקט ווערען ווי מיט קארע; פיהרען א יאגד אויף גרויסע חיות [ווי הירשען] איבער פערפרארענעם שנעע.

Crusta′cea *n.* (קראס-טיי׳-שיא) דער מין וואסער־טהיערע וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ [ווי ראקעס].

crusta′cean *n. and a.* (קראס-טיי׳-שיען) וואס איז שייך צו די וואסער־טהיערע וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ; א בעשעפעניש פון דעם מין.

crustaceol′ogy *n.* (קראס-טיי-שי-אל׳-א-דזשי) די לעהרע וועגען די וואסער־טהיערע וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ.

crusta′ceous *a.* (קראס-טיי׳-שיאס) וואס איז עהנליך צו הארטען שאלעכץ אדער צו קארע; וואס איז ווי א מושעל; וואס האט א הארטען שאלעכץ [ווי א ראק].

crus′tate *a.* (קראס׳-טייט) בעדעקט מיט א הארטען שאלעכץ; פערהארטעוועט פון אויבען.

crus′tated *a.* (קראס׳-טיי-טעד) ז. *crustate*.

crusta′tion *n.* (קראס-טיי׳-שאן) דאס בעדעקט ווערען ווי מיט א קארע; דאס פערהארטעוועט ווערען פון אויבען.

crust′-hunt *v.* (קראסט׳-האנט) פיהרען א יאגד [מעהרסטענטייל אויף גרויסע חיות, ווי למשל, הירשען] איבער פערפרארענעם שנעע.

crus′tily *adv.* (קראס׳-טי-לי) ערגערליך, שלעכט געשטימט, אנגעבלאזען.

crus′tiness *n.* (קראס׳-טי-נעס) דאס זיין פערהארטעוועט פון אויבען; דאס זיין הארט; דאס זיין ערגערליך; דאס זיין שלעכט געשטימט; דאס זיין אנגעבלאזען.

crus′ting *n.* (קראס׳-טינג) יאגד [מעהרסטענטייל אויף גרויסע חיות, ווי למשל, הירשען] איבער פערפרארענעם שנעע.

crus′ty *a.* (קראס׳-טי) ווי קארע; הארט; אנגעבלאזען, אנגעכמורעט, שלעכט געשטימט.

crutch *n. and v.* (קראטש) א קוליע; אלטקייט; געהן אויף קוליעס; אונטערהאלטען מיט קוליעס; אונטערהאלטען, אונטערשטיצען.

crutched *a.* (קראטשט) אנגעלעהנט אויף קוליעס; בעזארגט מיט קוליעס; בעצייכענט מיט א צלם; וואס טראגט א צולם.

crux *n.* (קראקס) א קרייץ; דער קרייץ [אלס פייניגונגס־מיטעל]: עטוואס וואס פייניגט אדער ברייננגט אין פערלעגענהייט; א רעטעניש; עטוואס וואס איז רעטזעלהאפט.

Crux *n.* (קראקס) דאס זיד־קרייץ [א געוויסע צונויפשטעלונג פון שטערען אין הימעל].

cry *v. and n.* (קראי) שרייען; אויסשרייען: אויסרופען; וויינעי; קלאגען אויף׳ן קול; עפענטליך ערקלערען, עפענטליך בעשולדיגען; א געוויין; א קלאג; א געשריי, אן אויסגעשריי; א רוף, אן אויסרוף; אן עפענטליכע ערקלערונג; אן עפענטליכע בעשולדיגונג; א מחנה הינט; א קאמפאניע [אין פערעכטליכען זין]; א קריעגס־רוף; א שלאג־ווארט; דער גערויש וואס קומט פון בויגען קופער־בלעך.

cry af′ter (קראי עפ׳-טער) וויינען פאר בענקעניש נאך עפעס.

cry against′ (קראי ע-גענסט׳) טארלען אדער דראהען אויף׳ן קול.

Arise, go to Nineveh, . . . and **cry against** it.

cry′-ba′by *n.* (קראי׳-ביי׳-בי) א צופיעשטשעטער, א צובאלעוועטער, איינער וואס וויינט ביי דער קלענסטער געלעגענהייט.

cry back (קראי בעק) געהן נאך די שפורען צוריק אדער זיך צוהערען צו דעם גערויש פון הינטען [אויף יאגד]; ווערען עהנליך צו די אור־עלטער־ען [וועגען בהמות].

cry before′ hurt (קראי בי-פאור׳ הוירט) שרייען גלאט אין דער וועלט אריין; מיר נישט דיר נישט שרייען.

cry down (קראי דאון) מאכען א שלעכטען נאמען אימעצען; ארויסלאזען א שמרע; פערווערען א זאך.

cry for the moon (קראי פאר טהי מוהן) וועלען דאס טעלערעל פון הימעל.

cry′ing *a.* (קראי׳-אינג) 1. וויינענדיג, טרויעריג; 2. אונערטרעגליך; הימעל־שרייענד.

1. She sang a **crying** song. 2. The conviction of the prisoner was a **crying** injustice.

cry′ing-drunk *a.* (קראי׳-אינג-דראנק) שכור ווי לוט.

cry′ing e′vil (קראי׳-אינג איוול) א הימעל־שרייענדער פעהלער אדער איבעל.

The **crying evils** in our government must be promptly remedied.

cry′olite *n.* (קראי׳-א-לאיט) קריאליט [א מינעראל וואס געפינט זיך אין גרענלאנד און אין אוראל. ווערט בענוצט צו פאבריצירען סאדע און אלומיניום].

cryoph′orus *n.* (קראי-אפ׳-א-ראס) א וואסער־פריערער [אן אינסטרומענט, וועלכער בעווייזט ווי אזוי וואסער קיהלט זיך אב און פריערט].

cry out (קראי אוט) א געשריי טהאן; שרייען אויף א קול; קלאגען זיך.

crypt *n.* (קריפט) א קעלער אין א הויז; א סקלעפ; דער סקלעפ אין א קירך, וואס ווערט בענוצט פאר קברים און מאנומענטען; אין אנאטאמיע — דריזען אין דער פארם פון זעקעלעך אדער בייטעלעך.

cryp′tic *a.* (קריפ׳-טיק) בעהאלטען, פער־

בארגנן; מיט א האלבען מויל, ניט דער־
רעדט.
The statement given by the editor seemed a cryptic utterance.

cryp'tical *a.* (קריפּ'־טי־קעל)
ז. *cryptic*

cryp'tically *adv.* (קריפּ'־טי־קעל־אי)
בסוד; בעהאלטענערהייט.

cryp'togam *n.* (קריפּ'־טא־געם) א פלאנ־
צע פון דעם מין קריפּטאגאמען.
ז. *Cryptogamia*

Cryptoga'mia *n.* (קריפּ־טא־גיי'־מי־א)
די קריפּטאגאמען [די אלע מינים פון ני־
דעריגע פלאנצען, וועלכע בליהען ניט, נאר
ווערען בעפרוכטעט דורך ספארען אדער
מיקראסקאפּישע צעלען].

cryptogam'ic *a.* (קריפּ־טא־געמ'־איק)
וואס איז שייך צו די קריפּטאגאמען.
ז. *Cryptogamia*

cryp'togram *n.* (קריפּ'־טא־גרעם) א
שריפט וואס איז געשריבען מיט געהיימע
ציינכענס [שיפער], וועלכע זייטיגע מענ־
שען קענען ניט פערשטעהן.

cryp'tograph *n.* (קריפּ'־טא־גרעף) א
געהיימע שריפט; א שיפער־כתב; די מע־
טאדע צו שרייבען מיט א שיפער.

cryptograph'ic *a.* (קריפּ־טא־גרעפ'־
איק) געשריבען אין א געהיימע שריפט;
וואס ווערט בענוצט צו שרייבען אין א
געהיימע שריפט.

cryptograph'ical *a.* (קריפּ־טא־גרעפּ'־
איק־על) ז. *cryptographic*

cryptog'raphy *n.* (קריפּ־טאג'־רע־פי)
דאס שרייבען שיפרירט; א געהיימער שי־
פער.

cryptol'ogy *n.* (קריפּ־טאל'־א־דזשי)
שיפער־כתב, ציפער־שריפט, געהיימע
שפראך.

cryp'tonym *n.* (קריפּ'־טא־נים) א געי־
היימער נאמען [א נאמען וואס איינער
האט אין א געהיימע געזעלשאפט א. ד. ג.].

crys'tal *n. and a.* (קריס'־טעל) קרים־
טאל, קריסטאל־גלאז; אין כעמיע און מי־
נעראלאגיע — א קריסטאל [א הארטער
פּיעלקאנטיגער און סימעטריש געבויטער
קערפּער, וועלכער בילדעט זיך אויס דורך
די מאלעקולארע בעוועגונג פון שטאף. די
איינפאכסטע טיילעכלעך פון זאלץ, צוקער,
גראניט א. ד. ג. זיינען קריסטאלען]; פון
קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג.

crys'tal-form *a.* (קריס'־טעל־פארם)
קריסטאל־פערמיג, אין דער פארם פון א
קריסטאל.

crys'tal-glass *n.* (קריס'־טעל־גלעס)
קריסטאל־גלאז.

crystal'lic *a.* (קריס־טעל'־איק) וואס
איז שייך צו קריסטאל אדער צו קריסטא־
ליזירונג.

crystallif'erous *a.* (קריס־טע־ליפ'־ע־
ראס) וואס ענטהאלט אין זיך קריסטאלען.

crys'tallin *n.* (קריס'־טע־לין) איי־ווייי־
סער שטאף וואס געפינט זיך אין דער
קריסטאל־לינז פון אויג; אין כעמיע —
אנילין [א פעטליכע זעהר גיפטיגע פלי־
סיגקייט וואס געפינט זיך אין טער (דזע־
געכץ) פון שטיין־קויהלען].

crys'talline *n. and a.* (קריס'־טע־לין)
וואס בעשטעהט פון קריסטאל; וואס איז
שייך צו קריסטאלען אדער צו קריסטאלי־
זירונג; וואס האט זיך אויסגעבילדעט דורך
קריסטאליזאציאן; וואס איז עהנליך צו
קריסטאל; קלאר, דורכזיכטיג; א פעלז וואס
האט זיך אויסגעבילדעט טיילווייז אדער
אינגאנצען דורך קריסטאליזאציאן.
ז. *crystallization*

crys'tallisable *a.* (קריס'־טע־לאי־
זעבל) ז. *crystallizable*

crystallizabil'ity *n.* (קריס־טע־לאי־
זע־ביל'־אי־טי) דאס קענען קריסטאליזירט
ווערען.

crys'tallizable *a.* (קריס'־טע־לאי־
זעבל) וואס קען קריסטאליזירט ווערען.
ז. *crystallization*

crystalliza'tion *n.* (קריס־טע־לי־זיי'־
שאן) קריסטאליזאציאן [א פּראצעס וואס
בעשטעהט דערין, וואס די מאלעקולען פון
א פליסיגען שטאף אדער גאזען נעהמען
אן בעשטימטע, רעגעלמעסיגע קריסטאל־
פארמען, ווען זיי פערדיכטען זיך דורך אב־
קיהלונג אין א פעסטען קערפּער]; די
קריסטאליזירטע מאסע.

crys'tallize *v.* (קריס'־טע־לאיז) קרים־
טאליזירען; זיך קריסטאליזירען; אננעה־
מען רעגעלמעסיגע, בעשטימטע פארמען.
ז. *crystallization*

crys'tallizer *n.* (קריס'־טע־לאי־זער)
דאס וואס ווירקט אויף דער קריסטאליזי־
רונג פון א זאך.

crystallog'raphy *n.* (קריס־טע־לאג'־
רע־פי) קריסטאלאגראפיע [די לעהרע
וועגען קריסטאלען, וועגען זייער אויסביל־
דונג און פארמען].

crys'talloid *n. and a.* (קריס'־טע־
לאיד) וואס איז עהנליך צו א קריסטאל;
איינע פון די שטאפען [ווי זאלץ, צוקער
א. ד. ג.], וועלכע קענען דורכגעהען דורך
א דיקע צייג, ווי פּארמעט־פּאפּיער, ווען
זיי זיינען פאנאנדערגעלאזען אין א פלי־
סיגקייט; שטאף פון איי־ווייס אין דער
פארם פון א קריסטאל, וואס געפינט זיך
אין צעלע פון א פלאנצע.

crystallol'ogy *n.* (קריס־טע־לאל'־א־
דזשי) קריסטאלאגיע [די וויסענשאפט ווע־
גען די קערפּערס אין דער אונארגאנישער
נאטור אויף וויפיעל זיי בילדען זיך אויס
אין דער פארם פון קריסטאלען].

crys'tallotype *n.* (קריס'־טע־לא־טאיפּ)
א מין פאטאגראפיע אויף גלאז.

cry the bans (קראי טהי בענז) אויס־
רופען אין קירך די נעמען פון פּערלאבטע
[חתן־כלה], מיט דעם ציעל טאמער וועט
זיך ארויסרופען איינער וואס האט א טענה
געגען דעם שידוך; אויסשרייען וויפיעל
מען באט אן אויף אן אויקציאן.

cry to (קראי טו) זיך בעטען רופען צו...
ביי אימעצען.

cry up (קראי אפּ) אויף א קול אויס־
לויבען, ריהמען אימיצען; מעהר אנבא־
טען, טרייבען פּרייזען אין דער הויך אויף
אן אויקציאן [ליציטאציע].

cry wolf (קראי וואולף) א פאלשע טרע־
ווגע מאכען.

C. S. A. ראשי תבות פון די ווערטער
Confederate States of America

cten'oid *n. and a.* (טענ'־איד) קאמ־
ארטיג, ווי א קאם [בנוגע צו געוויסע פיש,
ביי וועלכע דער רוקען איז אויסגע־
זעצט מיט שטאכלען ווי א קאם אדער דאס
מויל איז אויסגעזעצט מיט ציינער ווי א
קאם]; א פיש פון דיזען מין.

ctenoi'dean *a.* (טע־נאי'־די־ען) וואס
איז שייך צו דעם מין פיש, ביי וועלכע
דער רוקען איז בעזעצט מיט שטאכלען אין
דער פארם פון א קאם.

Ctenoi'dei *n.* (טע־נאי'־די־אי) דער מין
פיש, ביי וועלכע דער רוקען איז בע־
זעצט מיט שטאכלען אין דער פארם פון
א קאם.

ctenoi'dian *a.* (טע־נאי'־די־ען)
ז. *ctenoidean*

cub *n. and v.* (קאב) א יונגע פיער־
פיסיגע חיה [מייסטענס א יונגער בער,
וואלף, פוקס]; א שטאל פאר בהמות; א
קאסטען, א זאסיק; א געשיר־אלמער; א
גראבער יונג, א מוזשיק; א יונגער רע־
פּארטער; קינדלען [ביי חיות].

cu'bage *n.* (קיו'־בעדזש) ז. *cubature*

Cu'ban *n. and a.* (קיו'־בען) וואס איז
שייך צו קובא [איינער פון די גרויסע
וועסט־אינדישע אינזלען]; א געבארענער
אדער א בירגער פון קובא.

cuba'tion *n.* (קיו־ביי'־שאן)
ז. *cubature*

cu'bature *n.* (קיו'־בע־טשור) דאס אויס־
געפינען די קוביק־מאס פון א קערפּער.

cub'by *n. and a.* (קאב'־אי) קליין, צבער
זעהר בעקוועם; אן אלקערעל, א צימערעל;
א שטרויענער קארב וואס מען טראגט צו־
געבונדען צום רוקען.

cub'byhole *n.* (קאב'־אי־האול) אן אל־
קערעל, א צימערעל; זעהר א קליין שטי־
בעלע.

cub'by-house *n.* (קאב'־אי־האוס) א
קליין שטיבעלע וואס קינדער בויען אויף
צום שפּיעלען זיך.

cube *n. and v.* (קיוב) א קוב [א רעגעלמעסי־
גער קערפּער, וואס האט
זעקס גלייכע קוואדראט־
זייטען]; די קוביק־
צאהל [א צאהל וואס
מען בעקומט ווען מען
כפל'ט א צאהל דריי
מאל אויף זיך אליין; 125 איז דער קוב
פון 5, 27 — פון 3]; כפל'ען א צאהל דריי
מאל אויף זיך אליין, ווי 5×5×5=125.


Cube

cu'beb *n.* (קיו'־בעב) [א מין] קובעבע
פעפער, וואס וואקסט אין אסט־אינדיען און
דיענט אלס רפואה צו געוויסע קראנקהיי־
טען].

cube'-ore *n.* (קיוב'־אור) ארסעניק־
זויערעס אייזען [א מין מינעראל, וואס
קריסטאליזירט זיך אין קובישע קריסטא־
לען מיט א גרינליכען קאליר].

cube root (קיוב רוהט) דער קוביק־
ווארצעל [די צאהל, וואס ווען זי ווערט
גע'כפל'ט דריי מאל אויף זיך אליין, ביל־
דעט זי א קוב, ווי 3 איז דער קוביק־
ווארצעל פון 27, 5 איז דער קוביק־ווואר־
צעל פון 125].

cube'-spar *n.* (קיוב'־ספאר) גיפּס וואס
האט אין זיך ניט קיין וואסער.

cu'bic *n. and a.* (קיו'־ביק) וואס האט
די פארם פון א קוב; וואס קען געמאסטען
ווערען אין דער לענג, אין דער הויך און
אין דער ברייט; אין מאטעמאטיק — א
קובישע גלייכונג.

cu'bica *n.* (קיו'־בי־קא) א לייכטער,
פיינער וואל־שטאף.

cu'bical *a.* (קיו'־בי־קעל) וואס איז שייך
צו א קוב; קוב־פערמיג. ז. *cube*

cu'bical foot (קיו'־בי־קעל פוט) א
קוביק־פוס [א מאס וואס איז איין פוס
אין דער לענג, אין דער ברייט און אין
דער הויך].

cu'bically *adv.* (קיו'־בי־קעל־אי) אין
דער פארם פון א קוב; בנוגע צו א קוב.

cu'bicalness *n.* (קיו'־בי־קעל־נעס) דאס
זיין אין דער פארם פון א קוב. ז. *cube*

cu'bical num'ber (קיו'־בי־קעל נאמ'־
בער) א קוביק־צאהל [א צאהל וואס ווערט
גע'כפל'ט אויף זיך דריי מאל].

cubic'ular *n. and a.* (קיו-ביק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א שלאפצימער; פריוואט; א קאמער-הערר.

cubic'ulum *n.* (קיו-ביק'-יו-לאם) א קליין אונטערארירדיש צימערעל צו בעהאלטען טויטע, א קאטאקאמב; א בעזונדערע אבטיילונג פון א קירך, וואו מען בעהאלט טויטע.

cu'biform *a.* (קיו'-בי-פארם) וואס האט די פארם פון א קוב.

cu'bit *n.* (קיו'-ביט) אן עלענבויגען; עלענבויגען-ביין; אן אייל [א מאס, 18—22 צאל, געברויכט אין עגיפטען, רוים א. ד. ג.].

cu'bital *a.* (קיו'-בי-טעל) וואס איז שייך צום עלענבויגען; וואס האלט אן אייל אין דער לענג.

cu'bit-fash'ion *adv.* (קיו'-ביט-פעש'-אן) מעסטענדיג מיט'ן אייל [די לענג פון האנד פון עלענבויגען ביז דער האנד-פלעכע].

cub'less *a.* (קאב'-לעס) קינדערלאז.

cu'bo-cube *n.* (קיו'-באו-קיוב) אין מאטעמאטיק — דער קוב פון א קוב [א צאהל וואס איז זעקס מאל נע'כפל'ט געווארען אויף זיך אליין, ווי למשל, 64 איז דער קוב פון א קוב פון 2].

cu'boid *a. and n.* (קיו'-באיד) וואס איז עהנליך צו א קוב; אין אנאטאמיע — איינער פון די ביינער פון פוס-טריט.

cuboi'dal *a.* (קיו-באי'-דעל) וואס איז עהנליך צו א קוב.

cu'bomancy *n.* (קיו'-בא-מענ-סי) א מין נביאות-זאגען אדער כשוף דורך ווארפעןביינדלעך.

cuck'ing-stool *n.* (קאק'-אינג-סטוהל) א שטראף-שטוהל פאר שלעכטע ווייבער אדער אונארענטליכע סוחרים, אין מיטעלאלטער [דעם בעשולדיגטען פלעגט מען צובינדען צו א שטוהל און ארויסשטעלען צו שאנד פאר'ן עולם. אפט פלעגט מען דעם שטוהל מיט דעם צוגעבונדענעם מענשען/אראבלאזען אין וואסער].

cuck'old *n. and v.* (קאק'-אלד) אן אבגענארטער מאן [וואס די פרוי איז איהם אונטריי]; א מאן פון אן אויסגעלאסענער פרוי; ברייגגען שאנדע אויף'ן מאן דורך דער אונטרייהייט פון דער פרוי.

cuck'oldom *n.* (קאק'-אל-דאם) דאס זיין אן אבגענארטער מאן, דאס זיין א מאן פון אן אויסגעלאסענער פרוי.

cuck'oldry *n.* (קאק'-אלד-רי) טריילאזיגקייט פון א פרוי צו א מאן.

cuck'oo *n.* (קיק'-אוה) דער קוקוק [אזא פויגעל וואס לאזט ארויס ביים שרייען דעם קלאנג "קוקו"]; א נאר.



Cuckoo

cuck'oo-flow'er *n.* (קוק'-אוה-פלאו'-ער) די קוקוק-בלום.

cuck'oo-pint *n.* (קוק'-אוה-פינט) אזא פלאנצע.

cuck'oo-song *n.* (קוק'-אוה-סאנג) אן אלטע, אויסגעדראשענע געשיכטע.

cuck'oo-spit *n.* (קוק'-אוה-ספיט) דער קוקוק-שפיי, אזא פליסיגקייט, וואס איינינגע אינזעקטען לאזען ארויס פון זייערע קערפער אויף פלאנצען; אן אינזעקט וואס טיילט אויס דיעזע פליסיגקייט פון קערפער.

cuck'oo-spit'tle *n.* (קוק'-אוה-ספיטל) ז. *cuckoo-spit*

cucul'late *a.* (קיו-קאל'-אייט) בעדעקט מיט א קאפושאן, מיט א קאלפאק אדער מיט א מיצעל.

cucul'lated *a.* (קיו-קאל'-איי-טעד) ז. *cucullate*

cucul'lus *n.* (קיו-קאל'-אס) א קאפושאן, א קאלפאק, א מיצעל; די טיילען פון קאפ ביי חיות אדער די אויבערשטע טיילען פון בלומען וואס זעהען אויס ווי א קאלפאק.

cu'cumber *n.* (קיו'-קאמ-בער) אן אוגערקע.

Cucumber

cu'cumiform *a.* (קיו'-קיו-מי-פארם) וואס זעהט אויס ווי אן אוגערקע.

cucur'bit *n.* (קיו-קויר'-ביט) א קאלבע [אזא גלעזערנע כלי פון א כעמיקער] וואס זעהט אויס ווי א קירבים; א קירבים-פערמיגע כלי; א פלאנצע פון דעם קירבים [ארבוז]-מין.

cucurbita'ceous *a.* (קיו-קויר-בי-טיי'-שיאס) קירבים-ארטיג [וועגען פלאנצען].

cucur'bite *n.* (קיו-קויר'-ביט) ז. *cucurbit*

cucur'bitive *a.* (קיו-קויר'-בי-טיוו) וואס זעהט אויס ווי א קירבים-קערענדעל [הויפטזעכליך וועגען ווערים].

cud *n.* (קאד) די שפייז, וואס קומט צוריק ארויף פון פאדערשטען מאגען אין מויל און ווערט נאך אמאל איבערגעקייעט [ביי חיות וואס זיינען מעלה גרה].

The cow is one of the animals that chew the cud.

cud'bear *n.* (קאד'-בעהר) א מין פלאנצע פון וועלכער מען מאכט א מין פורפורפארב; דער רויטער אינדיגא, א פולווער צום פארבען [וואס ווערט גענומען פון דער דערמאהנטער פלאנצע].

cud'den *n.* (קאדן) דער קויהל-פיש.

cud'dle *v. and n.* (קאדל) ארומנעהמען, צערטלען; זיך צוטוליען; אומארמונג.

cud'dy *n.* (קאד'-אי) אן עזעל; א נאר; א קלאון; אזא העבעל אדער בראך-שטאנג אויפצוהויבען שטיינער; אן עס-צימער אויף א שיף פאר די העכערע שיפס-בעאמטע און די פאסאזשירען פון ערשטער און צווייטער קלאסע; א קיך אויף בארזשעס; א שפייז-קאמער; א שפייז-שראנק; א קויהל-פיש.

cudg'el *n. and v.* (קאדזש'-על) א קורצער, גראבער שטעקען, א דראנג [גענוצט אלס וואפען]; שלאגען [הויפטזעכליך, שלאגען מיט א דראנג].

cudg'eler *n.* (קאדזש'-על-ער) איינער וואס שלאגט מיט א שטעקען.

cudg'eling *n.* (קאדזש'-על-אינג) דאס שלאגען מיט א שטעקען.

cudg'eller *n.* (קאדזש'-על-ער) ז. *cudgeler*

cudg'elling *n.* (קאדזש'-על-אינג) ז. *cudgeling*

cudg'el one's brains (קאדזש'-על הוואנז בריינז) זיך צוברעכען דעם קאפ [טראכטענדיג וועגען עפעס].

cudg'el-play *n.* (קאדזש'-על-פליי) א געוויסער מין געפעכט מיט שטעקלעך.

cudg'el-proof *a.* (קאדזש'-על-פרוהף) וואס עס נעהמט איהם קיין קלאפ נים.

cud'weed *n.* (קאד'-הוויעד) א מין פלאנצע, פון וועלכער מען מאכט א מין פורפור-פארב; דער רויטער אינדיגא. ז. *cudbear*

cue *n.* (קיו) אן עק [ביי חיות]; עטוואס וואס הענגט אראב [ווי א לאק האר]; א ביליארד-שטעקען; מענשען וואס ווארטען אויף זייער רייה [אטשערעד]; די ווערטער צו ענדע פון איין אקטיאר'ס רעדע, וואס דיענען אלס צייכען פאר א צווייטען אקטיאר, אז ער דארף אנהויבען צו רעדען; נאטען, וואס האבען דעמזעלבען צוועק ביי זינגער אדער שפיעלער; די ראלע, די בעשטימטע האנדלונג; שטימונג; א וואונק, אן אנצוהערעניש; דער נאמען פון דעם בוכשטאב q; עטוואס וואס איז ווייניג ווערטה; א קליינע צאהל אדער מאס.

cue'-ball *n.* (קיו'-באהל) א ביליארד-באל וואס מען האט א שטויס געטהאן מיט'ן ביליארד-שטעקען [אין געגענזאץ צו די איבריגע].

cue'ist *n.* (קיו'-איסט) א ביליארד-שפיעלער.

cue'-rack *n.* (קיו'-רעק) א געשטעל פאר ביליארד-שטעקענס.

cuer'po *n.* (קהוועך'-פאו) דאס לייב, דער קערפער; קליידער וואס מען טראגט ביים לייב.

cuff *n. and v.* (קאף) א קלאפ מיט דער אפענער האנד אדער מיט'ן פויסט; א מאנזשעט; דער נעניק, דער נאקען; שלאגען; פאטשען.

cuf'fy *n.* (קאפ'-אי) א שפאטישער נאמען פאר נעגערס אין אמעריקא.

cuin'age *n.* (קהווינ'-עדזש) דאס אויסגיסען צין אין שטיקער.

cuirass' *n.* (קהווי-רעס') א קיראסע [א פאנציר, וואס בעדעקט די ברוסט און דעם רוקען]; א ברוסט-שילד [ביי געוויסע חיות].

cuirassier' *n.* (קהווי-רע-סיער') א קיראסיר [א רייטענדער סאלדאט בעפאנצערט מיט א ברוסט-שילד].

cuish'es *n.* (קהוויש'-עז) א פאנצער, אויסגעהויפט אויף די היפטען [קלובעם].

cuisine' *n.* (קהווי-זין') א קיך; די קיך-אבטיילונג פון א הויז אדער האטעל; די מעטאדע פון קאכען.

That hotel is noted for its cuisine.

cuiss'es *n.* (קהווים'-עז) ז. *cuishes*

cul'-de-sac' *n.* (קוהל'-דע-סעק') א זאק-געסעל [א געסעל וואס איז אפען נאר פון איין זייט]; א פאסטקע; א חלל [אן אויסהוילונג] אין קערפער ווען ער איז אפען פון איין זייט; די לאגע פון אן ארמעע ווען זי איז ארומגערינגעלט פון פיינד.

culic'iform *a.* (קיו-ליס'-אי-פארם) וואס זעהט אויס ווי א מיק [קאמארע].

cu'linary *a.* (קיו'-לי-נע-רי) קולינאריש, וואס איז שייך צו דער קיך אדער צו דער

קונסט פון קאכען; וואס ווערט געברויכט אין קיך אדער ביים קאכען.

She was mistress of all culinary secrets.

cu'linary salt (קיו'-לי-נע-רי סאהלט) קאכזאלץ.

cull *v. and n.* (קאל) זאמלען, קלייבען; אויסקלייבען; אבגעקליבענעס; א נאר, א תם.

The volume is a collection of poems culled from the ancient poets.

cul'lender *n.* (קאל'-ען-דער) א זייער, א פילטער, א זיפ.

cul'ler *n.* (קאל'-ער) איינער וואס קלייבט אויס.

cul'let *n.* (קאל'-עט) שטיקלעך צובראכענע גלאז.

cull'ing *n.* (קאל'-אינג) דאס אויסקלייבען; דאס אויסגעקליבענע.

cul'lis *n.* (קאל'-יס) א רעגען־רינע אויף א דאך.

cul'ly *n.* (קאל'-אי) א יאלד, איינער וועמען מען קען לייכט איינרעדען אדער אבנארען.

cul'lyism *n.* (קאל'-אי-איזם) תמ'עוואטקייט.

culm *n.* (קאלם) פסולת פון שטיין־קוילען; אן ערגערער זארט אנטראציט־קוילען; דינע קוילען; א גראז־שטענגעל.

culmif'erous *a.* (קאל-מיפ'-ער-אס) אויף וועלכען עס וואקסען פוסטע גראז־שטענגלעך; וואס ענטהאלט קוילען־שטויב.

cul'minal *a.* (קאל'-מי-נעל) וואס אנבעלאנגט צום העכסטען פונקט; העכסט.

cul'minant *a.* (קאל'-מי-נענט) וואס דערגרייכט דעם העכסטען פונט.

cul'minate *v. and a.* (קאל'-מי-נייט) שטעהן איז'ם מערידיאן, דערגרייכען די גרעסטע הויך [וועגען שטערען]; דערגרייכען די העכסטע שטופע, דעם העכסטען שפיץ; וואס וואקסט אין דער הויך [וועגען קאראלען].

cul'minating *a.* (קאל'-מי-ניי-טינג) דורכשניידענד דעם מערידיאן, זייענד אויף'ן העכסטען פונקט [וועגען שטערען]; דערגרייכענד די העכסטע שטופע.

culmina'tion *n.* (קאל-מי-ניי'-שאן) 1. קולמינאציאן [ווען א שטערען דערגרייכט דעם מערידיאן]; 2. דער העכסטער פונקט, דער שפיץ; די ערדרייכונג פון דעם העכסטען פונקט.

2. Having reached the culmination of his career, one blunder destroyed his popularity.

culot'tism *n.* (קיו-לאט'-איזם) די פרינציפען אדער דער איינפלוס פון די העכערע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

cul'pa *n.* (קאל'-פע) א פערזעהן, א טעות.

culpabil'ity *n.* (קאל-פע-ביל'-אי-טי) שולדיגקייט; טאדעלהאפטיגקייט.

cul'pable *a.* (קאל'-פעבל) שולדיג; וואס פערדיענט טאדעל.

Apparently no one was culpable for the accident.

cul'pableness *n.* (קאל'-פעבל-נעס) ז. *culpability*.

cul'pably *adv.* (קאל'-פע-בלי) אויף א טאדעלס־ווערטהען אופן.

cul'patory *a.* (קאל'-פע-טא-רי) וואס בעשולדיגט, וואס טאדעלט.

cul'prit *n.* (קאל'-פריט) איינער וואס ווערט בעשולדיגט אין א פערברעכען; א פערברעכער.

cult *n.* (קאלט) דער קולט, די רעליגיעזע פארמען, מנהגים; גאטעסדיענסט; פערגעטערונג פון א מענשען אדער זאך; די פערעהרונג; די פערזאן אדער זאך וואס ווערט פערגעטערט אדער פערעהרט.

cultch *n.* (קאלטש) די איקרע, די אייערלעך פון אויסטערען; דער גרונט פון ים, וואו אויסטערען געפינען זיך.

cul'tivable *a.* (קאל'-טי-וועבל) וואס קען קולטיווירט אדער בעארבייט ווערען.

cul'tivatable *a.* (קאל'-טי-וויי-טעבל) וואס קען בעארבייט ווערען; פעהיג צו ענטוויקלונג.

cul'tivate *v.* (קאל'-טי-ווייט) 1. בעאקערען, בעארבייטען; 2. אויסבילדען, פערערלען [דעם גייסט], ציוויליזירען; 3. שטארק איבערגעבען זיך צו עטוואס [ווי צו א קונסט־זאך א. ד. ג.].

1. He is cultivating land. 2. You should cultivate your taste for poetry. 3. History is to be loved and cultivated for its own sake.

cul'tivated *a.* (קאל'-טי-וויי-טעד) בעארבייט [וועגען ערד]; קולטיווירט; ערצויגען, אויסגעבילדעט, ענטוויקעלט פערפיינערט, אויסגעבעסערט.

cultiva'tion *n.* (קאל-טי-וויי'-שאן) ערד־בעארבייטונג; קולטיווירונג, ענטוויקלונג, אויסבילדונג; דאס פראדוצירען פון פלאנצען און תבואות; דאס זיין ענטוויקעלט, געבילדעט, גוט ערצויגען אדער פערפיינערט.

cul'tivator *n.* (קאל'-טי-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ציוויליזירט, ערציהט, ענטוויקעלט, פערפיינערט אדער בילדעט אויס; איינער וואס בעארבייט די ערד; איינער וואס גיט זיך ספּעציעל אב מיט עפעס מיט דעם צוועק עס אויסצובעסערען אדער ענטוויקלען; אזא אקער־מאשין.

Cultivator

cul'trate *a.* (קאל'-טרייט) שארף־קאנטיג און שפיציג; וואס איז פון איין זייט דיק און פון דער אנדער זייט שארף [ווי א מעסער].

cul'trated *a.* (קאל'-טריי-טעד) ז. *cultrate*.

cul'triform *a.* (קאל'-טרי-פארם) שארף־קאנטיג און שפיציג; וואס האט די פארם פון א שארף־ווינקעלדיגען דרייעק, אין וועלכען איין זייט איז קירצער ווי די איבריגע [וועגען קערפער־טיילען ביי חיות].

cultriv'orous *a.* (קאל-טריוו'-א-ראס) שלינגענדיג מעסערס [מאכענדיג קונצען].

cul'turable *a.* (קאל'-טשור-עבל) וואס מען קען קולטיווירען אדער בעארבייטען [וועגען ערד]; וואס קען אויסגעבילדעט, ענטוויקעלט, פערפיינערט אדער ערצויגען ווערען.

cul'tural *a.* (קאל'-טשור-על) וואס אנבעלאנגט צו קולטור אדער קולטיווירונג; ציוויליזירט.

cul'ture *n. and v.* (קאל'-טשור) דאס בעארבייטען די ערד; דאס קולטיווירען [חיות און איבערהויפט פלאנצען, מעהרסטענטייל מיט דעם צוועק ארויסצוברייינגען נייע, בעסערע מינים]; קולטור; דאס קולטיווירען; דאס ציוויליזירען; ענטוויקלונג, אויסבילדונג, אויפקלערונג, פערפיינערונג; קולטיווירען, בעארבייטען די ערד; ערציהען, אויסבעסערען, אויסבילדען, ענטוויקלען, פערפיינערען.

cul'tured *a.* (קאל'-טשורד) קולטיווירט, געבילדעט, ענטוויקעלט.

cul'tureless *a.* (קאל'-טשור-לעס) ניט קולטיווירט, ניט ציוויליזירט, ניט געבילדעט, ניט ענטוויקעלט, ניט ערצויגען.

cul'turist *n.* (קאל'-טשור-איסט) איינער וואס בעארבייט די ערד; איינער וואס גיט זיך אב מיט עפעס [הויפטזעכליך מיט דעם צוועק עס אויסצובעסערען אדער צו ענטוויקלען, ווי מינים חיות אדער פלאנצען]; איינער וואס גלויבט אין דער נויטווענדיגקייט צו פערשפרייטען בילדונג און אויפקלערונג; איינער וואס גלויבט, אז ניט די רעליגיאן, נאר די בילדונג איז די הויפט זאך אין דער מענשליכער ציוויליזאציאן.

cultur'kampf *n.* (קול-טור'-קאמפף) קולטור־קאמפף, דער קאמפף וואס איז אנגעפיהרט געווארען פון דער דייטשער רעגיערונג [הויפטזעכליך אונטער ביסמארק] געגען דער אריינמישונג פון דער קאטוילישער קירך אין די ענינים פון ערציהונג און רעגיערונג.

cul'tus *n.* (קאל'-טאס) א קולט, א סיסטעם פון א רעליגיעזען גלויבען און פערגעטערונג.

cul'ver *n.* (קאל'-ווער) א טויב; א קאנאנע וואס איז געברויכט געווארען אין דעם 16טען יאהרהונדערט [אבקירצונג פון *culverin*].

cul'verin *n.* (קאל'-ווער-אין) אזא קאנאנע וואס איז געברויכט געווארען אין 16טען יאהרהונדערט.

cul'vert *n.* (קאל'-ווערט) אן אונטעראירדישער רינשטאק; אן אונטעראירדישער וועג אדער קאנאל; א רינע.

cul'vertail *n.* (קאל'-וואיר-טייל) א שוואלבען־עק [אזא מין צונויפשליסען ברעטער אדער קלעצער, ווען א קליינער ארויסגעשטארצטער טייל פון איינער וואס איז עהנליך צו א דרייעק, קומט אריין אין אן אויסשניט פון דער צווייטער].

cul'vertailed *a.* (קאל'-וואיר-טיילד) געשלאסען דורך שוואלבען־עקען [וועגען ברעטער אדער קלעצער]. ז. *culvertail*.

cum'bent *a.* (קאמ'-בענט) ליגענדיג.

cum'ber *v. and n.* (קאמ'-בער) בעלעסטיגען, פערוואלגערען, פערצאמען; שטערען, אבהאלטען; צוטומלען, אנטהאן צרות; א שטערונג, פערלעגענהייט, צרות.

cum'bersome *a.* (קאמ'-בער-סאם) בעלעסטיגענד, שטערענדיג; שווער; צרה'דיג; אונבעקוועם; אומגעלומפערט.

The society has a cumbersome system of administration.

cum'bersome goods (קאמ'-בער-סאם גודז) סחורות, וואס פערנעהמען צופיעל פלאץ.

cum'bersomely *adv.* (קאמ'-בער-סאם-לי) אויף אן אומגעלומפערטען, אונבעקוועמען אופן; מיט שוועריקייט; מיט צרות.

cum'bersomeness *n.* (קאמ'-בער-סאם-נעס) דאס זיין בעלעסטיגענד, שווער, צרה'דיג, אומגעלומפערט אדער אונבעקוועם.

cum'brous *a.* (קאמ'-בראס) בעלעסטיגענד, שטערענדיג, שווער, אונבעקוועם, אומגעלומפערט; וואס פעראורזאכט אונאנגענעהמליכקייטען אדער צרות.

cum'brously *adv.* (קאמ'-בראס-לי) אויף א בעלעסטיגענדען, שטערענדען, אונבעקוועמען אדער אומגעלומפערטען שטייגער; מיט אונאנגענעהמליכקייטען, מיט **צרות**.

cum'brousness *n.* (קאַמ'-בראַס-נעס) ז. *cumbersomeness*

cum'frey *n.* (קאַמ'-פריי) ז. *comfrey*

cum'in *n.* (קאַמ'-) אין) קימעל; קי־מעל־פלאַנצע.

Cumin

cum'inol *n.* (קאַמ'-אי-נאָל) קי־מעל־אויל.

cum'min *n.* (קאַמ'-) ז. *cumin* אין).

cu'mulate *v.* (קיו'-מיו-לייט) אָנ־קלייבען, אַנזאַמ־לען, צונויפנעהמען, אָנוואַרפען.

cumula'tion *n.* (קיו-מיו-ליי'-שאַן) אָנזאַמלונג; אַ הויפען; עטוואָס וואָס איז אָנגעזאַמעלט אָדער אָנגעוואָרפען אין אַ הויפען; דאָס פערהאַנדלען אין גע־ריכט וועגען עטליכע קלאַגען מיט איין מאָל.

cu'mulative *a.* (קיו'-מיו-לע-טיוו) אָנ־געזאַמעלט ביסלעכווייז; וואָס קומט צו, וואָס בילדעט אַ מאַסע.

cu'mulative ac'tion (קיו'-מיו-לע-טיוו עק'-שאַן) אין מעדיצין — די פלוצ־ליכע ווירקונג פון אַ רפואה, נאָכדעם ווי מען האָט איהר געגומען אַלץ אין קליינע דאָזען, וואָס יעדערע בעזונדער האָט קיין בעדייטענדע ווירקונג ניט געמאַכט.

cu'mulative ar'gument (קיו'-מיו-לע-טיוו אַר' גיו-מענט) אַן אַרגומענט [אַ ראיה אין אַ ויכוח], וועלכער בעשטעהט פון עטליכע בעזונדערע ראיות און אַלע צוזאַמען פערשטאַרקען די בעהויפּטונג.

cu'mulative ev'idence (קיו'-מיו-לע-טיוו עוו'-אי-דענס) דער בעווייז פון אַן עדות, וועלכער בעשטעהט פון עטליכע טיילען און אַלע צוזאַמען פערשטאַרקען דעם בעווייז פיעל מעהר איידער יעדער טייל בעזונדער.

cu'mulatively *adv.* (קיו'-מיו-לע-טיוו-לי) אויף דעם אופן פון אָנזאַמלען בים־לעכווייז; אָנקלייבענדיג אַלץ מעהר און מעהר.

cu'mulative offense' (קיו'-מיו-לע-טיוו אַ-פענס') אַ פערברעכען וואָס בע־שטעהט פון אַ רייהע קרימינעלע טהאַ־טען פון דעמזעלבּיגען אַרט, וואָס זיינען געשעהען אין דעמזעלביגען טאָג אָדער אין בעזונדערע טעג.

cu'mulative sen'tence (קיו'-מיו-לע-טיוו סענ'-טענס) אַזאַ אורטייל פון גע־ריכט, וואו דער בעשולדיגטער איז פערי־משפּט צו צאָהלען עטליכע געלד־שטראָפען מיט אַמאָל אָדער אויסזיצען מיט איין מאָל עטליכע סראָקען אין טורמע פאַר עטליכע קרימינעלע טהאַטען פון דעמזעלבען אַרט.

cu'mulative vo'ting (קיו'-מיו-לע-טיוו וואָ' טינג) די סיסטעם פון וואַהלען, ביי וועלכער יעדער וועהלער האָט אַזוי פיעל שטימען, וויפיעל מענשען עס דאַר־פען זיין אויסגעקליבען אויף דיזען אַמט, און דער וועהלער האָט דאָס רעכט אַוועק־צוגעבען אַלע זיינע שטימען פאַר איין מענשען.

cu'mulose *a.* (קיו'-מיו-לאָוס) פול מיט הויפענס, פול אָנגעזאַמעלט.

cu'mulo-stra'tus *n.* (קיו'-מיו-לאָו-סטריי'-טאַס) אַזאַ פאָרם פון אַ וואָלקען, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַנגעזעצטע ווייסע בערגלעך אָדער קופּעס, וואָס ליע־גען אין שיכטען איינע אויף די אַנדערע.

cu'mulous *a.* (קיו'-מיו-לאַס) וואָס האָט די פאָרם פון אַ ווייסען זומער־וואָלקען.

cu'mulus *n.* (קיו'-מיו-לאַס) אַ ווייסער זומער־וואָלקען [אַ וואָלקען, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אָנגעזעצטע קופּעס אָדער בערגלעך].

cunab'ular *a.* (קיו-נעב'-יו-לאַר) וואָס איז שייך צום וויעגעל אָדער צו דער קינד־הייט.

cu'neal *a.* (קיו'-ני-על) וואָס האָט די פאָרם פון אַ קליין.

cu'neate *a.* (קיו'-ני-אייט) ז. *cuneal*

cu'neated *a.* (קיו'-ני-איי-טעד) ז. *cuneal*

cu'neately *adv.* (קיו'-ני-אייט-לי) אין דער פאָרם פון אַ קליין.

cu'neiform *n. and a.* (קיו'-ני-אי-פאָרם) וואָס האָט די פאָרם פון אַ קליין; וואָס שטודירט דעם קליין־פערמיגען שריפט [כתב היתדות] פון די אַלטע כאַלדעער; אַ קליין־פערמיגער בייז.

Cuneiform

cunette' *n.* (קיו-נעט') אַ קאַנאַווע, וואָס ציהט אָב וואַסער; אַ טיעפער גראָבען אַרום אַ פעסטונג.

cun'ner *n.* (קאַנ'-ער) אַ מין ברויז־בלויליכער פיש [געפינט זיך נעבען אַט־לאַנטישען ברעג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען].

Cunner

cun'ning *n. and a.* (קאַנ'-אינג) פע־היגקייט; קענטשאַפט; געניטקייט; כיט־רעקייט; די נאַטירליכע פעהיגקייט אָדער דער אינסטינקט פון אַ חיה צו עפּעס; פע־היג; געניט; כיטרע; פיקאַנט, צוציהענד.

cun'ningly *adv.* (קאַנ'-אינג-לי) מעשה קענער; דורך כיטרעקייט; אויף אַ פּיקאַנ־טען, צוציהענדען שטייגער.

cun'ning-man *n.* (קאַנ'-אינג-מען) אַ טרעפער, אַ זגאָכער.

cun'ningness *n.* (קאַנ'-אינג-נעס) דאָס זיין פעהיג אָדער כיטרע.

cun'ning snap (קאַנ'-אינג סנעפּ) אַ כיטרער יונג, אַ דורכגעטריבענער קערל.

cun'ning-wom'an *n.* (קאַנ'-אינג-ווואָמ'-ען) אַ טרעפערין, אַ זגאָכערקע.

cup *n. and v.* (קאַפּ) אַ טאַס, אַ בעכער, אַ קובאָק; אַ באַנקע; אַ טרונק; אין קע־סעל פון אַ דאַמפף־מאַשין — איינע פון די קאָפּאָקעס וואָס ווערען בענוצט צו פערגרעסערען די הייצונג; שטעלען באַנ־קעס; בעלעגט ווערען מיט באַנקעס.

cup'-bear'er *n.* (קאַפּ'-בעהר'-ער) אַ בעדיענטער ביי אַ שמחה וואָס דערלאַנגט די געסט וויין און אַנדערע משקאות; אין אַמאָליגע צייטען — אַן אַנגעשטעלטער אין די קעניגליכע הויפען אָדער ביי אַדעליגע, וואָס האָט בעדאַרפט פּערזוכען דעם וויין, איידער ער האָט איהם דערלאַנגט צום טיש [שר המשקים].

cup'board *n. and v.* (קאַבּ'-אָירד) אַן אַלמער פאַר געשיר אָדער שפּייז; אַ בו־פעט; די קאָלעקציאָן זילבערנע, גאָלדענע אָדער גלעזערנע כלים וואָס געפינט זיך אויף אַ בופעט; האַלטען אין אַן אַלמער; אָנזאַמלען.

cup'board love (קאַבּ'-אָירד לאַוו) עגאָאיסטישע ליעבע, אהבה שתלויה בדבר.

cu'pel *n. and v.* (קיו'-פעל) אַ קליין שי־סעלע פון אַש פון איבערגעברענטע ביינער, אין וועלכער מען שמעלצט גאָלד אָדער זילבער אום אָבצוטיילען עס פון בליי; לייטערען מעטאַלען אין אַזאַ שיסעלע.

cupella'tion *n.* (קיו-פע-ליי'-שאַן) דאָס אַברייניגען גאָלד און זילבער פון'ם בליי דורך שמעלצען אין אַ שיסעלע וואָס ווערט געמאַכט פון ביינער־אַש.

cup'ful *n.* (קאַפּ'-פול) אַ פולער בעכער; די מאָס פליסיגקייט וואָס אַ בעכער אָדער קובאָק ענטהאַלט אין זיך.

cup'-horse *n.* (קאַפּ'-האָרס) אַ לויף־פערד, וואָס האָט געקראָגען דעם פּרייז אין וועט־לויפען.

Cu'pid *n.* (קיו'-פיד) דער גאָט פון ליעבע [אין דער רוימישער מיטאָלאָגיע].

cupid'ity *n.* (קיו-פיד'-אי-טי) אַ שטאַר־קער חשק [צו געלד אָדער מאַכט]; אַ שטאַרקער געלוסט; גייציגקייט.

cup'-love *n.* (קאַפּ'-לאַוו) עגאָאיסטישע ליעבע.

cup of sor'rows (קאַפּ אָוו סאָר'-אָוז) דער בעכער פון יסורים, צרות.

cu'pola *n.* (קיו'-פּאָ-לאַ) אַ קופּאָל, דער האַלב־רונדער דאַך פון אַ געביידע.

cupped *a.* (קאַפּט) וואָס זעהט אויס ווי אַ בעכער.

cup'per *n.* (קאַפּ'-ער) דער וואָס שטעלט באַנקעס.

cup'ping *n.* (קאַפּ'-אינג) דאָס שטעלען באַנקעס.

cup'ping-glass *n.* (קאַפּ'-אינג-גלעס) אַ באַנקעס־גלעזעל וואָס אַ רופא שטעלט.

cu'preous *a.* (קיו'-פרי-אַס) וואָס איז שייך צו קופּער; ענהליך צו קופּער; וואָס ענטהאַלט קופּער; פון אַ קופּער־קאָליר.

cu'pric *a.* (קיו'-פריק) וואָס האָט די איינגעשאַפטען פון קופּער; וואָס נעהמט זיך פון קופּער.

cuprif'erous *a.* (קיו-פרים'-ע-ראַס) וואָס גיט אַרויס אָדער ענטהאַלט קופּער.

cu'prite *n.* (קיו'-פּראַיט) רויטער קופּער; קופּער־ערץ.

cu'prous *a.* (קיו'-פּראַס) ז. *cupric*

cu'prum *n.* (קיו'-פּראַם) [כעמי־] קופּער [כעמישער אויסדרוק].

cups *n.* (קאַפּס) דאָס טרינקען פערי־שכורענדע משקאות; שכרות.

cup'-shaped *a.* (קאַפּ'-שייפּט) וואָס האָט די פאָרם ווי אַ בעכער.

cup'-shot *a.* (קאַפּ'-שאָט) מלא, שכור'לעך.

cu'pulate *a.* (קיו'-פּיו-לייט) וואָס זעהט אויס ווי אַ בעכער.

cu'pule *n.* (קיו'-פּיול) אַ רונדער חלל אָדער אויסהוילונג; אַ בעכער־פערמיגער טייל [אין פלאַנצען].

cup'-valve *n.* (קאַפּ'-וועלוו) אַ גלאָ־קען־ווענטיל [אין אַ דאַמפף־מאַשין].

cur *n.* (קיור) אַ הונד; אַ געמיינער, אַלי־טער הונד; אַן אונערצויגענער יונג, אַ לומפּענער מענש.

curabil'ity *n.* (קיור-ע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען געהיילט אָדער פערבעסערט ווערען.

cur'able *a.* (קיור'-עבל) וואָס קען אויס־געהיילט אָדער פערבעסערט ווערען.

cur'ableness *n.* (קיור'-עבל-נעס) ז. *curability*

cur'ably *adv.* (קיור'-ע-בלי) היילבאר; דורך א היילבארען מיטעל.

curaçao' *n.* (קוה-רע-סאו') אזא געטראנק [שנאפס געווירצט מיט אפעלסין-שאלעכץ].

curaçoa' *n.* (קוה-רע-סאו') אזא געטראנק [שנאפס געווירצט מיט אפעלסין-שאלעכץ].

cu'racy *n.* (קיו'-רע-סי) דער אמט פון א קוראט. ז. *curate*

cura'ra *n.* (קו-רא'-רא) ז. *curari*

cura're *n.* (קו-רא'-רי) ז. *curari*

cura'ri *n.* (קו-רא'-רי) א שווארצליכע גיפטיגע זאפט פון געוויסע דרום-אמעריקאנישע בוימער [דיענט צו פערגיפטען פיילען ביי די דארטיגע פעלקער].

curas'sow *n.* (קו-רעס'-או) דער האקא-הוהן [אזא שעהנער גרויסער פויגעל וואס געפינט זיך אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא. ער איז פון א דונקעל-וויאלעטען קאליר מיט א גרינליכען גלאנץ אויף'ן קאפ און מיט א ווייסען בויך].

Curassow

cu'rate *n.* (קיו'-רעט) דער קוראט [א גלח פון נידריגען ראנג].

cu'rateship *n.* (קיו'-רעט שיפ) ז. *curacy*

cu'rative *n. and a.* (קיו'-רע-טיוו) היילענד; א רפואה.

cu'ratively *adv.* (קיו'-רע-טיוו-לי) דורך היילונג.

cura'tor *n.* (קיו-ריי'-טאר) א קוראטאר [אן אויפזעהער פון א מוזעאום, ביבליאטעק א. ד. ג.]; אן אפעקון, אן אפטרופוס.

cura'torship *n.* (קיו-ריי'-טאר-שיפ) דער אמט פון א קוראטאר [אן אויפזעהער פון א מוזעאום, ביבליאטעק א. ד. ג.]; אפטרופסות.

curb *n. and v.* (קוירב) א צוים [פון א פערד]; עטוואס וואס האלט צוריק אדער קאנטראלירט; א רייה שטיינער ביי א וועג אדער ביי א טראטואר; א געלענדער ארום א ברונעם; א צודעק פון א קעסעל; א געשווילעכטס אויף א פערד'ס פוס; האלטען אין צוים; איינהאלטען, קאנטראלירען; בעפעסטיגען אדער בעשיצען מיט א געלענדער, מיט א וואנד אדער מיט אנגעשאטענער ערד אדער שטיינער.

cur'bable *a.* (קויר'-בעבל) וואס קען איינגעהאלטען ווערען, וואס קען איינגעצוימט ווערען.

curb'-bit *n.* (קוירב'-ביט) דאס אייזענדעל פון צוים ביים פערד אין מויל.

curb'-chain *n.* (קוירב'-טשיין) א קייט, וואס דארף איינהאלטען די בעוועגונג פון א מעכאניזם.

curb'ing *n.* (קוירב'-איננ) שטיינער ביי דער זייט פון א טראטואר.

curb'less *a.* (קוירב'-לעס) אהן א צוים.
The teacher unfortunately had a curbless temper.

curb'-roof *n.* (קוירב'-רוהף) א געבראכענער דאך אדער א מאנסארדען-דאך [א משופע'דיגער דאך, וועלכער האט צוויי-ערליי קראקוועס מיט א באלקען אין מיטען].



Curb-roof

curb'stone *n.* (קוירב'-סטאון) א שטיין אדער א רייה שטיינער וואס שפארען עפעס אונטער; א רייה שטיינער ביי א טראטואר.

curb'stone bro'ker (קוירב'-סטאון בראו'-קער) א בערזען-מעקלער, וואס פערקויפט [מייסטענטיילס אין גאס ביי דער בערזע] ווערטה-פאפיערען, וואס זיינען ניט אנערקענט אפיציעל פון דער בערזע.

curch *n.* (קארטש) א טיכעל, א פאטשיילע; א פרויען-הויב אדער קאפושאן.

curcu'lio *n.* (קויר-קיו'-לי-או) אזא זשוק.

cur'cuma *n.* (קויר'-קיו-מע) א פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסט דער אינדישער זאפראן.

cur'cuma-pa'per *n.* (קויר'-קיו-מע-פיי'-פער) פאפיער אנגעזאפט מיט אן עקסטראקט פון אינדישען זאפראן [ווערט בענוצט צו פרובירען אלקאלי. דורך דעם אלקאלי בעקומט דאס פאפיער ברוינע פלעקען].

curd *n. and v.* (קוירד) צווארעך [פון וואס מען מאכט קעז]; די פערדיכטעטע טיילען פון וועלכער ניט איז פליסיגקייט; פערדיכטען; פערוואנדלען אין צווארעך; פערדיכטעט ווערען; פערוואנדעלט ווערען אין צווארעך.

cur'diness *n.* (קויר'-די-נעס) דאס ווערען צווארעך; דאס ווערען פערדיכטעט.

cur'dle *v.* (קוירדל) פערדיכטעט ווערען; פערוואנדעלט ווערען אין צווארעך [וועגען מילך]; פערדיכטען; פערגליווערען; מאכען צווארעך.
The milk **curdled** because it was not fresh.

cur'dy *a.* (קויר'-די) ווי צווארעך; פול מיט פערדיכטעטע טיילען [וועגען פליסיגקייטען].

cure *n. and v.* (קיור) קורירען, היילען, אויסהיילען; בעזייטיגען; איינזאלצען, טריקענען אדער זייערען; קורירונג, היילונג, דאס אויסהיילען; א היילונגס-מיטעל; דאס אמט פון א קוראט [א גלח פון נידריגען ראנג אין די ענגלישע און אירלאנדישע קירכען].

cure'-all *n.* (קיור'-אהל) א מיטעל פאר אלע קראנקהייטען.

cure'less *a.* (קיור'-לעס) אונהיילבאר.

cur'er *n.* (קיור'-ער) איינער וואס קורירט; א דאקטאר; איינער וואס זאלצט איין, טריקענט אדער זייערט איין [זאכען, זיי זאלען ניט קאליע ווערען].

cur'few *n.* (קויר'-פיו) דאס קלינגען אין אבענד אין די שטעדט און דערפער אין מיטעלאלטער, אלס צייכען, מען זאל אויסלעשען די ליכט; די צייט פון דיזען קלינגען [געוועהנליך אום 8 אוהר אבענד]; דער גלאק, מיט וועלכען מען פלעגט אויסקלינגען דיעזע ווארנונג; א קאלפאק איבער א ליכט.

cur'few-bell *n.** (קויר'-פיו-בעל) דער אבענד-גלאק. ז. *curfew*

Cu'ria *n.* (קיו'-רי-א) די פאפסטליכע קוריע [דעם פאפסט'ס מאכט, דעם פאפסט'ס רעגיערונג, דעם פאפסט'ס הויף].

cu'ria *n.* (קיו'-רי-א) א קוריע, א טייל פון דער רוימישער בעפעלקערונג אין די אלטע צייטען [די גאנצע רוימישע בעפעלקערונג איז אפיציעל געווען איינגעטיילט אין דרייסיג קוריען]; א וואהל-קוריע [אן אבטיילונג אין וועלכער א געוויסער טייל פון דער בעפעלקערונג פון גלייכען פערמעגענס-צענז אדער נאציאנאליטעט וועהלט]; די געביידע, וואו א רוימישע קוריע פלעגט זיך פערזאמלען; א שטאדט-סענאט אין די אמאליגע שטעדט אין איטאליען [אין געגענזאץ צום רוימישען סענאט]; אין מיטעלאלטער — א געזעצגעבענדע אדער אדמיניסטראטיווע קערפערשאפט, א געריכט.

cu'rialism *n.* (קיו'-רי-על-איזם) די פאליטישע סיסטעם פון דער פאפסטליכער קוריע. ז. *Curia*

curialis'tic *a.* (קיו-רי-ע-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו דער פאליטישער סיסטעם פון דער פאפסטליכער קוריע. ז. *Curia*

cu'rio *n.* (קיו'-רי-או) אן אנטיק; א זעלטענהייט; אן אנטיקען-זאמלונג; קליינע פערציערונגען.

curios'ity *n.* (קיו-רי-אס'-אי-טי) 1. נייגערינקייט; 2. א קוריאזיטעט; אויסגעציערטקייט; אבענטייערליכקייט; א זעלטענהייט; א מערקווירדינקייט.
1. He asked questions as a matter of curiosity.

curios'ity-shop *n.* (קיו-רי-אס'-אי-טי-שאפ) אן אנטיקען-קראם.

curio'so *n.* (קיו-רי-או'-סאו) א זאמלער פון אנטיקען; איינער וואס איז גוט בעקאנט מיט אלטערטימליכקייטען; א קענער אין קונסט-זאכען; א ווירטואז.

cu'rious *a.* (קיו'-רי-אס) 1. נייגעריג; פארשענד; 2. זאנדערבאר, מאדנע; זעלטען; פיין, קינסטלעריש אויסגעארבייט.
1. I am **curious** to know the truth about the affair. 2. The admiral wore a **curious** uniform.

cu'riously *adv.* (קיו'-רי-אס-לי) מיט שטייגער; מיט עלעגאנץ, מיט קונסט; אויף א זאנדערבארען, זעלטענעם אופן.

cu'riousness .*n* (קיו'-רי-אס-נעס) קוריאזיטעט, זאנדערבארקייט; נייגעריגקייט.

curl *n. and v.* (קוירל) א לאק; דאס וואס קרייזעלט זיך, א ספיראל; א מין קראנקהייט פון געוויסע פרוכט-בוימער, דורך וועלכער די בלעטער ווערען צונויפגעקארטשעט און פערוועלקט; קרייזלען [האר], דרעהען, פלעכטען; זיך דרעהען אין דער פארם פון א ספיראל.

curl down (קוירל דאון) צוטוליען זיך [צו א ווינקעל], איינבויגען זיך, סטארען זיך צו זיין אונבעמערקבאר.

cur'ler *n.* (קויר'-לער) דער אדער דאס וואס קרייזעלט.

cur'lew *n.* (קויר'-ליו) דער בראך-פויגעל [אן אייראפעאישער און אן אמעריקאנישער זומפ-פויגעל מיט הויכע פיס און זעהר א לאנגען שנאבעל].

Curlew

cur'liness *n.* (קויר'-לי-נעס) דאס קרייזלען זיך.

cur′ling *n.* (קויר′-לינג) א געוויסער שפיעל אין שאטלאנד, וואו די שפיעלער גליטשען איבער׳ן אייז גרויסע און גלאטע שטיינער צו געוויסע פונקטען און אין געוויסע ריכטונגען.

cur′ling-i′ron *n.* (קויר′-לינג-אי′-ערן) אן אייזערנער צווענגעל, וועלכען מען ברענט אן צו קרייזלען די האר.

cur′ling-tongs *n.* (קויר′-לינג-טאנגז) ז. *curling-iron*.

curl of the lip (קוירל אוו טהי ליפ) א לייכטער פעראכטונגס־שמייכעל.

cur′ly *a.* (קויר′-לי) לאקיג, געקרייזעלט.

cur′ly-head′ed *a.* (קויר′-לי-העד′-עד) וואס האט געקרייזעלטע האר.

cur′ly-pate *n.* (קויר′-לי-פייט) איינער וועלכער האט געקרייזעלטע האר.

cur′ly-pa′ted *a.* (קויר′-לי פיי′-טעד) ז. *curly-headed*.

curmudge′on *n.* (קויר-מאדזש′-אן) א קמצן, א קארגער מענש.

curmudge′only *a.* (קויר-מאדזש′-אנ-לי) קארג, ווי א קארגער יונג.

cur′rant *n.* (קאר′-ענט) א וויינפערל; אזא ראזשינקע אהן א ביינדעל.

cur′rency *n.* (קאר′-ענ-סי) גאנגבארקייט, צירקולאציאן [פון געלד אדער סחורות]; דאס גאנגבארע געלד אין א לאנד; דער קורס; פערשפרייטונג.

cur′rent *n.* and *a.* (קאר′-ענט) א שטראם; א שטרעמונג [א גרויסע מאסע וואסער אדער לופט וואס בעוועגט זיך אין א געוויסער ריכטונג]; דער קורס, דער גאנג [פון צייט אדער פון געשעהענישען]; די אלגעמיינע שטימונג, די אנגענומענע טענדענץ; שטרעמענד; גאנגבאר; פערשפרייט; אלגעמיין אנגענומען; צירקולירענד.

cur′rent ar′ticles (קאר′-ענט אר′-טיקלז) גאנגבארע סחורות, קוראנטע ארטיקלען.

cur′rent-brea′ker *n.* (קאר′-ענט-בריי′-קער) דער שטראם־אונטערברעכער [אן אפאראט, מיט וועלכען מען אונטערברעכט דעם גאנג פון אן עלעקטרישען שטראם].

cur′rently *adv.* (קאר′-ענט-לי) אין אלגעמיין, בכלל; אהן אן אבשטעל; אהן אן אויפהער.

cur′rent-me′ter *n.* (קאר′-ענט-מיע′-טער) אן אפאראט צו מעסטען די שנעלקייט פון א שטראם; אן אינסטרומענט צו מעסטען די קראפט פון אן עלעקטרישען שטראם.

cur′rentness *n.* (קאר′-ענט-נעס) דאס פליסען; שטרעמינגקיים; גאנגבארקיים.

cur′rent price (קאר′-ענט פראיס) דער היינטיגער מקח.

cur′rent-reg′ulator *n.* (קאר′-ענט-רעג′-יו-ליי-טאר) אן אפאראט צו רעגולירען דעם גאנג פון אן עלעקטרישען שטראם.

cur′rent report′ (קאר′-ענט רי-פאורט′) א קלאנג, א סלוך, דאס וואס מען רעדט.

There is a report current that war will soon be declared.

cur′ricle *n.* and *v.* (קאר′-איקל) א צוויי־רעדערדיגער וואגען, געשפאנט מיט צוויי פערד; פאהרען אין א צוויי־רעדערדיגען וואגען.

curric′ulum *n.* (קא-ריק′-יו-לאם) א לעהר־קורס; א בעשטימטער קורס פון למודים, וועלכע מען געהט דורך אין אן אוניווערזיטעט און אין אנדערע העכערע שולען.

cur′rier *n.* (קאר′-אי-ער) א גארבער.

cur′riery *n.* (קאר′-אי-ער-אי) גארבעריי; א גארבארניע [די פאבריק וואו מען בעארבייט פעל].

cur′rish *a.* (קויר′-איש) הינטיש, בייסיג, אנגעכמורעט, בורטשענדיג.

cur′rishly *adv.* (קויר′-איש-לי) הינטיש, מעשה הונד; בורטשענדיג.

cur′rishness *n.* (קויר′-איש-נעס) פערביסענקייט, הינטישע דרכים; בורטשעניש.

cur′ry *v.* and *n.* (קאר′-אי) קראצען און קעמען א פערד; אונטערלעקען זיך, חנפ׳ענען; בעארבייטען פעל; אנשלאגען אימעצען, אבשמייסען; קארי־זופ [אן אינדישע זיסע געדיכטע זופ געקאכט פון פלייש, פיש, פרוכטען, אייער, אינגבער, פעפער און אנדערע פראדוקטען, וועלכע מען עסט מיט געקאכטע רייז]; דאס קאכען קארי־זופ.

cur′rycomb *n.* (קאר′-אי-קאום) א פערד־קאם.



Currycomb

cur′ry fa′vor (קאר′-אי פיי′-ווער) נושא חן זיין ביי איינעם דורך חניפות און אונטערלעקען זיך.

cur′ry-pow′der *n.* (קאר′-אי-פאו′-דער) די געווירצען, וועלכע מען בענוצט ביים קאכען די קארי־זופ. ז. *curry*.

curse *n.* and *v.* (קוירס) שילטען, פלוכען; לעסטערען [גאט]; ארייינלעגען אין חרם; דאס שילטען, א פלוך, א קללה; דאס וואס איז גארניט ווערטה.

curse by bell (קוירס באי בעל) ארייינלעגען אין חרם.

cur′sed *a.* (קויר′-סעד) פערפלוכט, פערשאלטען; שענדליך, מיאוס.

cur′sedly *adv.* (קויר′-סעד-לי) אויף א שענדליכען אופן; פערפלוכט.

cur′sedness *n.* (קויר′-סעד-נעס) דאס זיין פערשאלטען.

cur′ser *n.* (קויר′-סער) דער שילטער, דער וואס פלוכט.

cur′ship *n.* (קויר′-שיפ) א געמיינהייט, א חזיר׳יי, א שווייינעריי.

cur′sive *a.* and *n.* (קויר′-סיוו) קורסיוו, פליסענד [וועגען בוכשטאבען וואס בינדען זיך איינער מיט דעם אנדערען]; בוכשטאבען וועלכע בינדען זיך איינער מיט דעם אנדערען; א מאנוסקריפט וואס איז געשריבען קורסיוו.

cur′sively *adv.* (קויר′-סיוו-לי) אויף א פליכענדען שטייגער; דורך שרייבען קורסיוו.

cur′sor *n.* (קויר′-סאר) דער לויפער [דער טייל אין א מאטעמאטישען אינסטרומענט, וועלכער בעוועגט זיך היין און צוריק און ווייזט אן אויף פערשיעדענע ציפערען און פיגורען]; אין די מיטעלאלטערליכע אוניווערזיטעטען — אן ערשט געענדיגטער סטודענט, וואס דיענט אלס געהילף פון פראפעסאר, פארלעזענדיג פאר די סטודענטען פערשיעדענע זעצע מיט ערקלערונגען אויף זיי.

curso′rial *a.* (קויר-סאו′-רי-על) וואס קען לויפען אדער געהן [אין געגענזאץ צו די בעשעפענישען וואס קריכען אויף׳ן בויך]; וואס האט גליעדער צום געהן אדער לויפען.

cur′sorily *adv.* (קויר′-סא-רי-לי) אין איילעניש; אויבערפלעכליך.

I read the book cursorily.

cur′soriness *n.* (קויר′-סא-רי-נעס) פליכטינקייט, אויבערפלעכליכקייט.

cur′sory *a.* (קויר′-סא-רי) האסטיג, אויבערפלעכליך, ניט אויפמערקזאם.

A cursory reading of the book will not convey the idea of the author.

curt *a.* (קוירט) לאקאניש, קורץ און שארף [וועגען רעדען].

He gave a curt reply to our requests.

curtail′ *v.* (קויר-טייל′) פערקלענערען, קירצער מאכען, אבהאקען דעם עק, אבשניידען א טייל פון א זאך.

The family found it necessary to curtail its expenses.

curtai′ledly *adv.* (קויר-טיי′-לעד-לי) פערקלענערענדיג; אבהאקענדיג דעם שפיץ; אויף א פערקירצטען שטייגער.

curtai′ler *n.* (קויר-טיי′-לער) דער וואס פערקלענערט, פערקירצט, שניידט אב אדער צוקאליעטשעט.

cur′tail-horse *n.* (קויר′-טייל-האהרס) א פערד מיט אן אבגעשניטענעם עק.

curtail′ment *n.* (קויר-טייל′-מענט) די פערקירצונג, פערקלענערונג; דאס אבהאקען דעם עק.

cur′tail-step *n.* (קויר′-טייל-סטעפ) די אונטערשטע שטופע פון טרעפ.

cur′tain *n.* and *v.* (קויר′-טען) א פארהאנג; א גארדין; דער מיטעל־וואל אין א פעסטונג; פערהענגען מיט פארהאנגען; פערדעקען, פערשטעלען.

cur′tain-lec′ture *n.* (קויר′-טען-לעק′-טשור) אן אונטער־אויזוען דרשה; פארווירפע, וואס למשל, מאן און ווייב מאכען זיך אונטער פיער אויגען.

cur′tainless *a.* (קויר′-טענ-לעס) וואס האט נים קיין פארהאנגען, וואס איז ניט פערהאנגען מיט גארדינען.

cur′tate *a.* (קויר′-טייט) פערקירצט, פערקלענערט.

cur′tesy *n.* (קויר′-טע-סי) ז. *courtesy*.

cur′tilage *n.* (קויר′-טי-לעדזש) א הויף, א קליינער גארטען אדער א לעדיגער פלאץ [נעבען א הויז].

curt′ly *adv.* (קוירט′-לי) קורץ; שארף · אבגעהאקט.

curt′ness *n.* (קוירט′-נעס) קורצקיים; אבגעהאקטקייט, שארפקייט פון אויסדרוק; דאס רעדען קורץ און שארף.

curt′sy *n.* (קוירט′-סי) א קניקס [א פערנייגונג מיט אן איינבייגונג פון די קניע].

cu′rule *a.* (קיו′-רוהל) וואס איז שייך צו אן אלט־רוימישען רייט־וואגען; וואס איז שייך צו די פיער העכסטע בעאמטע פון דעם אלטען רוים בעת דער רעפובליק [קאנסולען, פרעטארען, עדילען און צענזארען]; וואס איז שייך צו שטאאטספערוואלטונג; אפיציעל.

cu′rule chair (קיו′-רוהל טשעהר) אייינער פון די אפיציעלע שטוהלען, אויף וועלכער עס פלעגען זיצען די פיער העכסטע בעאמטע פון דער פארצייטיגער רוימישער רעפובליק [די קאנסולען, פרעטארען, עדילען און צענזארען].

cu′rule dig′nity (קיו′-רוהל דיג′-ני-טי) דאס אמט אדער דער טיטול פון די פיער העכסטע בעאמטע אין דער פארצייי־

טיגער רוימישער רעפובליק [קאנסולען, פרעטארען, עדילען און צענזארען].

cur'val *a.* (קויר'-וועל) ז. *curvant*

cur'vant *a.* (קויר'-וועגט) אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

cur'vate *a.* (קויר'-ווייט) אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

cur'vated *a.* (קויר'-וויי-טעד) ז. *curvate*

curva'tion *n.* (קויר-וויי'-שאן) דאס אויסבויגען, דאס אויסקרימען.

cur'vature *n.* (קויר'-ווע-טשור) די אויסגעבויגענקייט, די קרימונג [הויפּטזעכליך פון ליניען און פלעכען]; עטוואס וואס איז אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט.

curve *v., n. and a.* (קוירוו) אויסבויגען; אויסקרימען; זיין אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט; עטוואס וואס איז אויסגעבויגען אדער אויסגעקרימט; א קרומע ליניע אדער פלעכע; אויסגעבויגען, אויסגעקרימט.

curved *a.* (קוירווד) קרום, געבויגען.

cur'vedness *n.* (קויר'-וועד-נעס) דאס זיין געבויגען, דאס זיין אויסגעקרימט.

cur'vet *n. and v.* (קויר'-וועט) א קורבעט [א פערד־שפרונג, ביי וועלכען אלע פיער פיס הויבען זיך אויף אין איין און דערזעלבער צייט]; א שטיפעריי; צווינגען א פערד צו מאכען א קורבעט; מאכען א קורבעט; שפּרינגען [פאר פרייד]; זיין זעהר לוסטיג.

curvicau'date *a.* (קויר-ווי-קאה'-דייט) וואס האט א קרומען אדער איינגעבויגענעם עק.

curviden'tate *a.* (קויר-ווי-דענ'-טייט) וואס האט אויסגעקרימטע צייהנער.

curvifo'liate *a.* (קויר-ווי-פאו'-לי-אייט) וואס האט אויסגעבויגענע אדער אויסגעקרימטע בלעטער.

cur'viform *a.* (קויר'-ווי-פארם) וואס איז אויסגעקרימט אדער אויסגעבויגען.

curvilin'ead *n.* (קויר-ווי-לינ'-אי-עד) אן אינסטרומענט צו צייכנען קרומע ליניען.

curvilin'ear *a.* (קויר-ווי-לינ'-אי-ער) וואס בעשטעהט אדער וואס איז בעגרענצט פון קרומע ליניען.

curvilinear'ity *n.* (קויר-ווי-לינ-אי-ער'-אי-טי) דאס בעשטעהן אדער דאס זיין בעגרענצט פון קרומע ליניען.

decamp' *v.* (די-קעמפ') 1. פערלאזען דעם לאגער, אוועקמארשירען; 2. זיך אבטראגען, אנטלויפען, מאכען פליטה.

1. The army **decamped** at six o'clock. 2. They had privately **decamped** from my father's house.

decamp'ment *n.* (די-קעמפ'-מענט) דאס פערלאזען דעם לאגער, דאס אוועקמארשירען.

dec'anal *a.* (דעק'-ע-נעל) וואס אנבעלאנגט צו א דעקאן אדער זיין וואהנונגס־פלאץ. ז. *dean*

decan'der *n.* (דע-קענ'-דער) א פלאנצע וואס האט צעהן שטויבפעדים [דער שטויבפאדים איז דער מענליכער ארגאן פון די בליהונגס־פלאנצען].

Decan'dria *n.* (דע-קענ' דרי א) די פלאנצען וואס האבען צעהן שטויבפעדים. ז. *decander*

decan'drian *a.* (דע-קענ'-דרי-ען) וואס האט צעהן שטויבפעדים [וועגען פלאנצען].

decan'drous *a.* (דע-קענ'-דראס) וואס האט צעהן שטויבפעדים [וועגען פלאנצען].

decan'gular *a.* (דע קענ' גיו-לער) צעהן־ווינקעלדיג.

decant' *v.* (די-קענט') פילטרירען, לייטערען; איבערגיסען פון איין כלי אין אן אנדערער.

decanta'tion *n.* (די קענ-טיי'-שאן) פילטרירונג; דאס איבערגיסען פון איין כלי אין אן אנדערער.

decan'ter *n.* (די-קענ'-טער) א פערציערטע קאראפינקע צום האלטען ליקער אדער וויין צום טיש; א כלי צום פילטרירען; איינער וואס פילטרירט ליקער.

decapet'alous *a.* (דעק-ע-פעט'-ע-לאס) וואס האט צעהן בלומען־בלעטער [וועגען געוויסע בלומען].

decaphyl'lous *a.* (דעק-ע-פיל'-אס) צעהן־בלעטערדיג [וועגען פלאנצען].

decap'itate *v.* (די-קעפ'-אי-טייט) אראבהאקען דעם קאפ, קעפען; אראבווארפען פון אמט, מאכען אוים פריץ.

decapita'tion *n.* (די-קעפ-אי-טיי'-שאן) דאס אראבהאקען דעם קאפ, דאס קעפען; דאס אראבווארפען פון אמט, דאס מאכען אוים פריץ.

dec'apod *n. and a.* (דעק'-ע-פאד) א צעהן־פיסיגער [ווי א קרעבס, א ראק]; צעהן־פיסיג.

Decap'oda *n.* (דע-קעפ'-א-דא) דער מין צעהן־פיסיגע קרעבס־טהיערע.

decap'odal *a.* (דע-קעפ'-א-דעל) צעהן־פיסיג.

dec'apode *a. and n.* (דעק'-ע-פאוד) ז. *decapod*

decapod'iform *a.* (דעק-ע-פאד'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א האק [קרעבס].

decap'odous *a.* (דע-קעפ'-א-דאס) צעהן־פיסיג.

decar'bonate *v.* (די-קאר'-בא-נייט) בעפרייען פון קויהלען־שטאף.

decarboniza'tion *n.* (די-קאר-בא-ני-זיי'-שאן) דאס בעפרייען פון קויהלען־שטאף [ווי דאס ווערט געטהאן ביים פערוואנדלען נוס־אייזען אין שטאל]; די טיילווייזע בעפרייאונג פון קויהלען־שטאף.

decar'bonize *v.* (די-קאר'-בא-נאיז) בעפרייען פון קויהלען־שטאף.

decar'burise *v.* (די-קאר'-ביו-ראיז) ז. *decarburize*

decarburiza'tion *n.* (די-קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) דאס בעפרייען פון קויהלען־שטאף. ז. *decarbonization*

decar'burize *v.* (די-קאר'-ביו-ראיז) בעפרייען אין גאנצען, אדער צום טייל, פון קויהלען־שטאף.

decare' *n.* (דע-קעהר') א פלעכען־מאס פון טויזענד קוואדראט־מעטער.

dec'astere *n.* (דעק'-ע-סטיר) צעהן קוביק מעטער.

dec'astich *n.* (דעק'-ע-סטיק) א פאעמא, וואס בעשטעהט פון צעהן שורות.

dec'astyle *a.* (דעק'-ע-סטאיל) וואס האט צעהן זיילען אין פראנט [וועגען געוויסע אלטע טעמפלען].

A **decastyle** temple.

decasyllab'ic *a.* (דעק-ע-סי-לעב'-איק) וואס ענטהאלט צעהן זילבען.

decasyl'lable *n.* (דעק-ע-סיל'-עבל) א שורה וואס ענטהאלט צעהן זילבען.

decau'date *v.* (די-קאה'-דייט) אראבהאקען דעם עק.

decay' *n. and v.* (די-קיי') דאס פערדארבען ווערען; דאס צופוילט ווערען; דאס פונאנדערפאלען; דאס אבשטארבען; צופאלען; זינקען; פוילען, פערדארבען ווערען; שוואך ווערען; אבשטארבען.

decayed'ness *n.* (די-קייד'-נעס) דאס זיין צופוילט, דאס זיין פערדארבען, דאס זיין פונאנדערגעפאלען.

decayed' stores (די-קייד' סטאורז) פערדארבענער פראוויאנט.

decayed' wine (די-קייד' הוואין) אויסגעוועפטער וויין.

decayed' with age (די-קייד' הוויטה אײדזש) צופאלען פון עלטער.

decay'er *n.* (די-קיי'-ער) עטוואס וואס פערארזאכט אז א זאך זאל פוילען אדער פערדארבען ווערען.

decease' *n. and v.* (די-סיעס') די פטירה, דער טויט; נפטר ווערען, שטארבען.

deceased' *a.* (די-סיעסט') געשטארבען; נפטר געווארען.

dece'dent *n.* (די-סי'-דענט) א פערשטארבענער, א נפטר.

deceit' *n.* (די-סיעט') פאלשקייט; בעטרוג; א נארעריי; שווינדעל; גנב'ישע שטיק.

deceit'ful *a.* (די-סיעט'-פול) בעטריגעריש, שווינדלעריש, אבנארעריש.

deceit'fully *adv.* (די-סיעט'-פול-אי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערישען אופן; מיט בעטרוג; מיט דער אבזיכט צו בעטריגען אדער בעשווינדלען.

deceit'fulness *n.* (די-סיעט'-פול-נעס) די נייגונג צו זיין בעטריגעריש אדער שווינדלעריש; בעטריגערישקייט.

deceit'less *a.* (די-סיעט'-לעס) אהן פאלשקייט, אהן שווינדעל.

deceiv'able *a.* (די-סיעוו'-עבל) וואס קען בעשווינדעלט אדער אבגענארט ווערען.

deceiv'ableness *n.* (די-סיעוו'-עבל-נעס) דאס קענען בעשווינדעלט אדער אבגענארט ווערען.

deceiv'ably *adv.* (די-סיעוו'-ע-בלי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערישען אופן.

deceive' *v.* (די-סיעוו') בעשווינדלען, אבנארען.

deceiv'er *n.* (די-סיעוו'-ער) א שווינדלער, א בעטריגער, אן אבנארער.

Decem'ber *n.* (די-סעמ'-בער) דער מאנאט דעצעמבער.

Decem'berly *a.* (די-סעמ'-בער-לי) ווי אין דעצעמבער; ווינטערדיג; קאלט.

Decem'brist *n.* (די-סעמ'-בריסט) א דעקאבריסט [איינער פון דעם רעוואלוציאנערען פערבאנד אין רוסלאנד, וואס

האט געשטרעבט איינצופיהרען א קאנסטיטוציע אין רוסלאנד. דעם עפענטליכען ארויסטריט האט דיזער פערבאנד געמאכט דעם 28טען דעצעמבער אין יאהר 1825, ווען די סאלדאטען האבען געדארפט שווערען טרייהייט צו ניקאלאי דעם ערשטען, וועלכער איז דאן ארויף אויף דעם רוסישען טהראן].

decem'fid *a.* (די-סעמ'-פיד) געטיילט אין צעהן טיילען, צעהן-שפאלטיג [ווענען געוויסע פלאנצען].

decemped'al *a.* (די סעמ-פעד'-על) וואס האט צעהן פיס; צעהן-פיסיג.

decem'vir *n.* (די-סעמ'-וויר) א דעצעמוויר [איינער פון די צעהן פערזאן וואס האבען צונויפגעשטעלט מיט זיך א קאנסטיטוציאנעלע קערפערשאפט אין דעם אלטען רוים. אזעלכע קערפערשאפטען זיינען געווען פיער: פאר פערוואלטונג, פאר געריכט, פאר רעליגיאן און פאר לאנדווירטשאפט]; איינער פון א צעהן-גליעדריגער אפיציעלער קערפערשאפט.

decem'viral *a.* (די-סעמ'-ווי-רעל) וואס איז שייך צו די דעצעמווירען. ז. *decemvir*.

decem'virate *n.* (די-סעמ'-ווי-רייט) אן אפיציעלע קערפערשאפט וואס בעשטעהט פון צעהן מיטגליעדער.

de'cency *n.* (די' סענ-סי) אנשטענדיגקייט; שטאט; זיטליכקייט.

decen'nary *n. and a.* (די-סענ'-ע-רי) א פעריאדע פון צעהן יאהר; א בעצירק פון צעהן פאמיליעס; וואס איז שייך צו א בעצירק פון צעהן פאמיליעס.

decen'nial *a. and n.* (די-סענ'-אי-על) צעהן-יעהריג; א צעהן-יעהריגער יובילעאום.

decen'noval *a.* (די-סענ'-א-וועל) וואס געהערט צו דער צאהל ניינצעהן; וואס איז שייך צו א פעריאדע פון ניינצעהן יאהר.

decen'novary *a.* (די-סענ'-א-ווע-רי) ז. *decennoval*.

de'cent *a.* (די'-סענט) אנשטענדיג; זיטליך, סטאטעטשנע.

de'cently *adv.* (די'-סענט-לי) אויף אן אנשטענדיגען אופן; מיט שטאט; מיט גוטער בענעהמונג; מיט יושר; מיט טאלעראנץ.

de'centness *n.* (די'-סענט-נעס) ז. *decency*.

decentraliza'tion *n.* (די-סענ-טרעל-אי-זיי'-שאן) דעצענטראליזירונג; דאס זיין דעצענטראליזירט [הויפטזעכליך ווענען דער רעגיערונגס פארם וואס בעצוועקט, אז ניט די גאנצע רעגיערונגס-מאכט זאל זיין קאנצענטרירט אין די הענד פון דער צענטראלער רעגיערונג].

decen'tralize *v.* (די-סענ'-טרעל-איז) דעצענטראליזירען, אוועקנעהמען פון צענטער. ז. *decentralization*.

decep'tion *n.* (די-סעפ'-שאן) בעטרוג, אבנארעריי; שווינדעל; אן אילוזיע; דאס זיין בעשווינדעלט אדער בעטראגען.

decep'tive *a.* (די-סעפ'-טיוו) בעטריגעריש, פאלש.

decep'tively *adv.* (די-סעפ'-טיוו-לי) אויף א בעטריגערישען אדער שווינדלערישען אופן.

decep'tiveness *n.* (די-סעפ'-טיוו-נעס) די נייגונג צו שווינדעל, בעטרוג אדער פאלשקייט.

deceptiv'ity *n.* (די-סעפ-טיוו'-אי טי) דאס זיין בעטריגעריש אדער שווינדלעריש

decep'tory *a.* (די-סעפ'-טא-רי) וואס נארט, וואס בעטריגט.

decern' *v.* (די-סורן') משפט'ען, ארויסגעבען א פסק-דין אדער אורטייל.

decer'niture *n.* (די-סויר'-ני-טשור) א פסק-דין, אן אורטייל פון א געריכט.

decharm' *v.* (די-טשארם') בעפרייען פון צויבער, אראבנעהמען דעם כשוף.

dechristianiza'tion *n.* (די-קרים-טשיענ-אי-זיי'-שאן) אבווענדונג פון קריסטענטום; אויסווארצלונג פון דעם קריסטליכען גייסט.

dechris'tianize *v.* (די-קרים'-טשיענ-איז) זיך אבווענדען פון'ם קריסטענטום; אבציהען פון'ם קריסטענטום; אויסווארצלען דעם קריסטליכען גייסט.

deciare' *n.* (דעם-יעהר') א פלעכען-מאס פון צעהן קוואדראט-מעטער.

deci'dable *a.* (די-סאי'-דעבל) וואס קען ווערען ענטשיעדען; בעשטימבאר.

decide' *v.* (די-סאיד') בעשטימען, ענטשיידען, ענטשליסען זיך.

deci'ded *a.* (די-סאי'-דעד) בעשטימט; ענטשיעדען; ענטשלאסען.

deci'dedly *adv.* (די-סאי'-רעד-לי) לחלוטין, אהן שום צווייפעל; אויף אן ענטשיידענדען אופן; קלאר און בינדיג.

deci'dedness *n.* (די-סאי'-דעד-נעס) ענטשלאסענהייט, ענטשיעדענהייט, בעשטימטהייט.

deci'der *n.* (די-סאי'-דער) דער וואס ענטשיידעט; דער שיעדס-ריכטער.

deci'dingly *adv.* (די-סאי'-דינג-לי) אויף אן ענטשיידענדען אופן.

decid'uous *a.* (די-סיד'-יו-אם) אראבפאלענדיג; וואס פאלט אראב נאך א בעשטימטער צייט [ווי פרוכט אדער בלעטער]; ניט פעסט, ניט בעשטענדיג.

decid'uous in'sects (די-סיד'-יו-אס אינ'-סעקטס) די אינזעקטען, ביי וועלכע עס פאלען אראב די פליעגלען נאך דער געשלעכטליכער פארונג [ווי ביי דער "זי" פון מוראשקעס].

decid'uousness *n.* (די-סיד'-יו-אס-נעס) דאס האבען די אייגענשאפט אראבצופאלען נאך א בעשטימטער צייט [ווי פרוכט אדער בלעטער].

dec'igram *n.* (דעס'-אי-גרעם) א דעציגראם [א געוויכט פון א צעהנטעל גראם]. ז. *gram*.

dec'igramme *n.* (דעס'-אי-גרעם) ז. *decigram*.

dec'iliter *n.* (דעס'-אי-לי-טער) א צעהנטעל פון א ליטער. ז. *liter*.

dec'ilitre *n.* (דעס'-אי-לי-טער) ז. *deciliter*.

decil'lion *n.* (די-סיל'-יאן) א דעציליאן [אין דער ענגלישער ציפער-סיסטעם — 1 מיליאן געדאפעלט 10 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 60 נולען; אין דער פראנצויזישער און אמעריקאנער ציפער-סיסטעם — 1 טויזענד געדאפעלט 11 מאל מיט זיך אליין, וואס איז גלייך צו אן 1 מיט 33 נולען].

decil'lionth *a. and n.* (דע-סיל'-יאנטה) וואס איז שייך צו א דעציליאן; איין דעציליאנטעל, א דעציליאנטע טייל. ז. *decillion*.

dec'imal *a. and n.* (דעס'-אי-מעל) דעצימאל, געטיילט אין צעהן; געצעהלט אין צעהנדליג; א דעצימאל-ברוך, א צעהנטחלק.

dec'imal bal'ance (דעס'-אי-מעל בעל'-ענס) א דעצימאל-וואג [אזא וואג, וואס דאס געוויכט אויף איין וואג-שאל באלאנסירט מיט א צעהן מאל שווערערע מאסע אויף דער אנדערער שאל].

dec'imal frac'tion (דעס'-אי-מעל פרעק'-שאן) א דעצימאל-ברוך [א טייל פון א גאנצע, וואס ווערט אויסגעדריקט נור דורך צעהנטעל, הונדערטעל, טויזענדטעל א. ז. וו., ווי .1, .01, .001 א. ז. וו. אדער .234, .023 א. ז. וו.].

dec'imalism *n.* (דעס'-אי-מעל-איזם) דאס דעצימאל-סיסטעם. ז. *decimal system*.

dec'imalist *n.* (דעס'-אי-מעל-איסט) אן אנהענגער פון דעם דעצימאל-סיסטעם אין וואג, אין מאס א. ד. ג.

decimaliza'tion *n.* (דעס-אי-מעל-אי-זיי'-שאן) אומרעכענען אויף דאס דעצימאל-סיסטעם; איינפיהרען דאס דעצימאל-סיסטעם.

dec'imalize *v.* (דעס'-אי-מעל-איז) אומרעכענען אויף דעם יסוד פון דעצימאל-סיסטעם; איבערפיהרען אויף א דעצימאל-סיסטעם.

dec'imally *adv.* (דעס'-אי-מעל-אי) אין צעהנער אדער צעהנטלעך; דורך דעצימאל.

dec'imal meas'ure (דעס'-אי-מעל מעזש'-אור) א מאס וועלכע געהערט צו דעם דעצימאל-סיסטעם, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.

dec'imal nota'tion (דעס'-אי-מעל נא-טיי'-שאן) די דעצימאלע ציפער-סיסטעם [די געוועהנליכע ציפער-סיסטעם וואס ווערט געברויכט, וואו יעדע ציפער אין דער רייה פון רעכטס צו לינקס ווערט פערגרעסערט 10 מאל].

dec'imal point (דעס'-אי-מעל פאינט) א דעצימאל פונקט [דער פונקט וואס שטעלט זיך פאר א דעצימאל-ברוך ווי .1, .02].

dec'imal sys'tem (דעס'-אי-מעל סיס'-טעם) דאס דעצימאל-סיסטעם [א סיסטעם, וואו מאסען און וואגען זיינען גרעסער אדער קלענער איינע פון דער אנדערער אין צעהן מאל, ווי מעטער, ליטער, גראם א. ד. ג.].

dec'imate *v.* (דעס'-אי-מייט) 1. אויסקלייבען דורך גורל יעדען צעהנטען צום טויטען [א בארבארישער מנהג פון אלטע צייטען ביים בעשטראפען קריעגס-געפאנגענע אדער רעבעלען]; 2. א תל מאכען, טויטען מאסענווייז.

2. The troops were **decimated** by the enemy's fire.

decima'tion *n.* (דעס-אי-מיי'-שאן) דאס אויסקלייבען יעדען צעהנטען דורך גורל צום טויטען; דאס טויטען מאסענווייז; דאס מאכען א תל.

dec'imator *n.* (דעס'-אי-מיי-טאר) איינער וואס טויטעט יעדען צעהנטען [פון געפאנגענע]; א פערוויסטער.

decime' *n.* (דע-סים') א פראנצויזישע מטבע, וואס איז א צעהנטעל פון א פראנק [אן ערך צוויי אמעריקאנער סענט].

dec'imeter *n.* (דעס'-אי-מי-טער) א דעצימעטער [א לענגען מאס, וואס איז א צעהנטעל פון א מעטער].

dec'imetre *n.* (דעס'-אי-מי-טער) ז. *decimeter*.

dec'imo-octa'vo *n.* (דעס'-אי-מאו-אק-טיי'-וואו) דאס אכטצעהנטעל-פארמאט [ווענען דרוקשריפטען ווען אכטצעהן זייטלעך געהען אין א דרוק-בויגען].

dec'imo-sex'to *n.* (דעס'-אי-מאו-סעקס'-

טאו) דאס זעכצעהנטעל־פארמאט [ווענען דרוק־שריפטען, ווען זעכצעהן זייטלעך גע־העז אין א דרוק־בויגען].

deci'pher *v.* (די-סאי'-פער) 1. דעשיפרירען, דורכלעזען א שיפרירטען בריעף אדער אנדער שריפט, וואס איז געשריבען פערשטעלט; 2. לעזען וואס איז אונקלאר געשריבען; 3. ערקלערען, ענטדעקען דעם זין פון א פערפלאנטערטען, אונקלארען ענין אדער זאך; 4. בעשרייבען.

1. The manager took the code and proceeded to **decipher** the massage. 2. We find it hard to **decipher** this manuscript.

deci'pherable *a.* (די-סאי'-פער-עבל) וואס קען דעשיפרירט ווערען [ווענען א שריפט וואס איז געשריבען פערשטעלט]; וואס קען דורכגעלעזען ווערען, וואס קען ערקלערט ווערען.

deci'pherer *n.* (די-סאי'-פער-ער) אייינער וואס דעשיפרירט [לעזט א פערשטעלטע אדער אונקלארע שריפט]; אן ערקלערער; איינער וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען ענין.

deci'pheress *n.* (די-סאי'-פער-עס) אייינע וואס דעשיפרירט א שריפט; איינע, וואס פלאנטערט פונאנדער א שווערען ענין; אן ערקלערערין.

deci'pherment *n.* (די-סאי'-פער-מענט) דאס דורכלעזען שיפרירטע שריפטען; דאס פונאנדערפלאנטערען א שווערען ענין; דאס ערקלערען.

decip'ium *n.* (די-סיפ'-אי-אם) אזא מעטאל, וועלכען מען האט געפונען אין נארד־קאראלאינע אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אין דער כעמיע איז דיעזער מעטאל ניט אנערקענט אלס כעמישער גרונד־עלעמענט].

deci'sion *n.* (די-סיז'-אן) פסק־דין; ענטשיידונג, ענטשלוס.

The court rendered its **decision**.

deci'sive *a.* (די-סאי'-סיוו) ענטשיידענד; בעשטימט.

The opinion of the court is **decisive** on the question.

deci'sively *adv.* (די-סאי'-סיוו-לי) אויף אן ענטשלאסענעם, בעשטימטען אדער ענטשיידענדען אופן.

deci'siveness *n.* (די-סאי'-סיוו-נעס) געוויסהייט; בעשטימטהייט, ענטשיעדענהייט.

deci'sive step (די-סאי'-סיוו סטעפ) א וויכטיגער, ענטשיידענדער שריט.

decistère' *n.* (דעס-אי-סטעהר') א צעהנטעל פון א קוביק־מעטער אדער פון א קילאליטער [א טויזענדטעל פון א ליטער].

decit'izenize *v.* (די סיט'-איזנ-איז) אוועקנעהמען דאס בירגער־רעכט; מאכען פאר אויס בירגער.

deciv'ilize *v.* (די-סיוו'-אי-לאיז) אראבברייננען פון א ציוויליזירטען צושטאנד צו א ווילדען.

deck *v. and n.* (דעק) בעדעקען; בעפוצען: א פערדעק פון א שיף; א טאליע [טעשעל] קארטען.

deck'-beam *n.* (דעק'-ביעם) איינער פון די באלקענס וואס האלטען אונטער דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-car'go *n.* (דעק'-קאר'-גאו) די פראכט וואס ווערט געלעגט אויף דעם פערדעק פון א שיף.

decked *a.* (דעקט) בעפוצט; וואס האט א פערדעק [ווענען א שיף].

deck'er *n.* (דעק'-ער) איינער אדער עטוואס, וואס בעפוצט אדער בעדעקט; א דעק־טוך; א שיף וואס האט א פערדעק.

deck'-hand *n.* (דעק'-הענד) אן ארבייטער וואס איז בעשעפטיגט אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-house *n.* (דעק'-האוס) אזא ביידעל וואס ווערט געמאכט פאר געוויסע צוועקען אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'ing *n.* (דעק'-אינג) דאס בעפוצען; די בעפוצונג; אן ארנאמענט.

deck'le *n.* (דעקל) אזא ראהם וואס ווערט געברויכט ביים פאבריצירען פאפיער אבצופאסען די גרויס פון פאפיער־בויגען; אזא לייווענדער באנד אין א פאפיער־מאשין וואס ווערט אנגעשטעלט פון ביידע זייטען פון פאפיער־בויגען איהם ניט צו דערלאזען צו ווערען ברייטער ווי די נויטיגע גרויס; דער רויהער ברעג פון א פאפיער־בויגען.

deck'le-edged *a.* (דעקל'-עדזשד) מיט רויהע ברעגען [ווענען ביכער וועלכע ווערען געבונדען מיט רויהע, ניט קיין ארומגעשניטענע בלעטער].

deck'le-strap *n.* (דעקל'-סטרעפ) אזא רימען אין א פאפיער מאשין וואס לויפט ביים ראנד פון פאפיער־בויגען, ניט צו דערלאזען, אז ער זאל ארויסקומען ברייטער ווי די נויטיגע מאס.

deck'-load *n.* (דעק'-לאוד) ז. *deck-cargo*.

deck out (דעק אוט) אויספוצען.

The ladies were **decked out** in the height of fashion.

deck'-pas'sage *n.* (דעק'-פעס'-עדזש) די רייזע אויפ'ן פערדעק פון א שיף.

deck'-pas'senger *n.* (דעק'-פעס'-ענ-דזשער) א רייזענדער אויף דעם פערדעק פון א שיף.

deck'-plate *n.* (דעק'-פלייט) אזא מעטאל־פלאטע מיט וועלכער עס ווערט בעדעקט דער הייץ־פלאץ פון דער דאמפף־מאשין אין א שיף, כדי צו שיצען דעם פערדעק פון שיף פון היץ.

deck'-pump *n.* (דעק'-פאמפ) אזא האנד־פומפ וואס ווערט בענוצט צום וואשען דעם פערדעק פון א שיף.

declaim' *v.* (די-קליים') דעקלאמירען, פארלעזען; דרש'ענען; טומלען; רעדען פוסטע, הויכע ווערטער.

declai'mant *n.* (די-קליי'-מענט) א דעקלאמאטאר; א מליצה'דיגער רעדנער; איינער וואס טרעט ארויס היציג געגען א זאך.

declai'mer *n.* (די-קליי'-מער) א דעקלאמאטאר, א פארלעזער; א מליצה'דיגער רעדנער.

declama'tion *n.* (דעק-לע-מיי'-שאן) א דעקלאמאציאן; א מליצה'דיגע אדער היציגע רעדע.

declam'atory *a.* (די קלעמ'-ע-טא-רי) דעקלאמאטאריש; בלויז פאר דעקלאמאציאן.

declar'able *a.* (די-קלעהר'-עבל) וואס קען בעוויזען ווערען; וואס קען דערקלערט ווערען.

declar'ant *n.* (די-קלעהר'-ענט) איינער וואס מאכט אן ערקלערונג אין געריכט.

declara'tion *n.* (דעק-לע-ריי'-שאן) אן ערקלערונג, א בעקאנטמאכונג; א דאקומענט וואס ענטהאלט אן ערקלערונג אדער בעקאנטמאכונג.

declara'tion of faith (דעק-לע-ריי'-שאן אוו פייטה) דער רעליגיעזער אני מאמין; פרינציפען־ערקלערונג.

Declara'tion of Indepen'dence (דעק-לע-ריי'-שאן אוו אינ-דע-פענ'-דענס) די אונאבהענגינקייטס ערקלערונג פון די ענגלישע קאלאניעס אין אמעריקא, וועלכע איז געמאכט געווארען דעם 4טען יולי, 1776 [די בעפרייאונג פון די נארד־אמעריקאנישע שטאאטען, די איצטיגע פעראייניגטע שטאאטען פון דער הערשאפט פון גרויס בריטאניען].

Declara'tion of Indul'gence (דעק-לע-ריי'-שאן אוו אינ-דאל'-דזשענס). א מאניפעסט פון די ענגלישע קעניגע פון דער סטיוארט דינאסטיע אין 17טען יאהרהונדערט, אין וועלכען עס זיינען געגעבען געזעץ געשענקט געווארען מעהר רעכטע צו אנהעגנער פון פרעמדע רעליגיאנען [ניט פון דער אנגליקאנישער קירך].

declara'tion of inten'tion (דעק-לע-ריי'-שאן אוו אינ-טענ'-שאן) אן ערקלערונג וואס דארף געמאכט ווערען אין געריכט פון אן אויסלענדער ווען ער וויל ווערען אן אמעריקאנער בירגער.

declara'tion of war (דעק-לע-ריי'-שאן אוו הוואהר) קריעגס־ערקלערונג.

declar'ative *a.* (די-קלער'-ע-טיוו) ערקלערענדיג, בעקאנטמאכענדיג.

declar'atively *adv.* (די-קלער'-ע-טיוו-לי) אויף אן ערקלערענדען אופן; דורך בעקאנטמאכונג, דורך ערקלערונג.

declar'atorily *adv.* (די-קלער'-ע-טא-רי-לי) דורך ערקלערונג אדער פארשטעלונג.

declar'atory *a.* (די-קלער'-ע-טא-רי) ערקלערענדיג; פארשטעלענדיג, אנצייגענדיג.

declare' *v.* (די-קלעהר') ערקלערען, אנזייגען; בעקאנטמאכען; בעקאנטמאכען אן ענטשיידונג; פערזיכערען, פראקלאמירען; דערצעהלען; איבערגעבען אין צאל־אמט אן אויספיהרליכע פערצייכנים פון סחורות, פאר וועלכע עס דארף געצאהלט ווערען גרענעץ־אבצאל.

declare' a div'idend (די-קלעהר' ע דיוו'-אי-דענד) ערקלערען זיך גרייט צו צאהלען דיווידענד [ריוח].

declared' *a.* (די-קלעהרד') פראקלאמירט, פערעפענטליכט, בעקאנט געמאכט; אפען ארויסגעזאגט; אפען.

I am a **declared** candidate for the office.

declar'edly *adv.* (די-קלעהר'-עד-לי) אפען, בעשטימט.

declar'edness *n.* (די-קלעהר' עד-נעס) דאס זיין ערקלערט, אנגעצייגט אדער בעקאנט געמאכט; דאס זיין פראקלאמירט.

declare' in debt (די-קלעהר' אין דעט) אנקלאגען אין געריכט פאר חובות.

declare' off (די-קלעהר' אף) זיך אבזאגען פון געוויסע פערפליכטונגען אדער אונטערנעהמונגען; זיך אבזאגען פון א געוואהנהייט.

She **declared** the engagement **off**.

declare' one's self (די-קלעהר' הוואנז סעלף) ארויסזאגען א מיינונג, ארויסטרעטען פאר אדער געגען עטוואס.

He **declared himself** for woman-suffrage.

declar'er *n.* (די-קלעהר'-ער) א בעקאנטמאכער, א פראקלאמירער; אן ערקלערער.

declare' war (די-קלעהר' הוואהר) ערקלערען קריעג.

declassed' *a.* (די-קלעסט') וואס איז א יורד, וואס איז א געפאלענער; וואס איז ארויסגעשטויסען פון דער געזעלשאפט.

declen'sion *n.* (די-קלענ'-שאן) א בארגאראב; משופע'דיגקייט; נייגונג; אן אבווייכונג; אן אבזאג; א פאלען אדער זינקען אויף א נידריגע מדרגה; די בויגונג פון הויפטווערטער [די גראמאטיקאלישע ענדערונג פון די ווערטער וואס בעצייכנען

א נצמען פון א זאך, ווי צ. ב. דער פאטער, דעם פאטער'ס א. ז. וו.].

declen'sional *a.* (די-קלענ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער בויגונג פון הויפטווערטער [די גראמאטיקאלישע ענדערונג פון הויפטווערטער].

decli'nable *a.* (די-קלאי'-נעבל) וואס קען געבויגען ווערען [בעזאנדערס וועגען די גראמאטיקאלישע ענדערונגען פון הויפטווערטער].

decli'nal *a.* (די-קלאי'-נעל) געבויגען נאך אונטען; משופע'דיג.

dec'linate *a.* (דעק'-לי-נייט) געבויגען נאך אונטען [וועגען פלאנצען וואס זיינען געבויגען].

declina'tion *n.* (דעק-לי-ניי'-שאן) דעקלינאציאן, דאס בויגען, דאס בויגען נאך אונטען אדער אראב=צו; דאס זינקען אדער פאלען אויף א נידריגע מדרגה; דאס אבנייגען אן א זייט; דאס אבווייכען פון דער גראדער ליניע; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס אבזאגען זיך; צוריקווייזונג; די אבווייכונג פון דער מאגנעט=נאדעל פון איהר ריכטונג; דער ווינקעל וואס בילדעט זיך צווישען דעם מאגנעטישען מערידיאן און דעם געאגראפישען; די ווייטקייט פון א שטערען פון דעם עקוואטאר פון דער ערד.

declina'tional *a.* (דעק-לי-ניי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דעקלינאציאן. ז. *declination*

declina'tional tide (דעק-לי-ניי'-שאנ-על טאיד) דאס הויבען זיך און אבפאלען פון דעם וואסער פון ים [עבע און פלוט], וואס ווערט פעראורזאכט דורך דער ענדערונג פון דער ווייטקייט פון דער לבנה פון דער ערד.

declina'tion com'pass (דעק-לי-ניי'-שאן קאמ'-פעס) א ספעציעלער אייגנעשטעלטער קאמפאס צום מעסטען די אבווייכונגען פון א מאגנעטישער נאדעל.

declina'tion of the com'pass (דעק-לי-ניי'-שאן אוו טהי קאמ'-פעס) די אבווייכונג פון דער קאמפאס=מאגנעט=נאדעל פון דעם ווירקליכען מערידיאן אין וועלכען עס איז פלאץ [אין ניו=יארק צ. ב. ווייכט אב די מאגנעט=נאדעל פון א קאמפאס אויף אן ערך 8 גראד פון מערידיאן אין דער ריכטונג צו מערב זייט].

declina'tion of the nee'dle (דעק-לי-ניי'-שאן אוו טהי ניעדל) ז. *declination of the compass*

dec'linator *n.* (דעק'-לי-ניי-טאר) אן אינסטרומענט צו מעסטען די ווייטקייט פון א שטערען פון עקוואטאר פון דער ערד; איינער וואס ענטזאגט זיך.

decli'natory *a.* (די-קלאי'-נע-טא-רי) וואס איז שייך צו דעקלינאציאן (ז. *declination*); אבזאגענדיג זיך.

decli'nature *n.* (די-קלאי'-נע-טשור) דאס אבזאגען זיך.

decline' *n. and v.* (די-קלאין') בויגען; בויגען אראב; ענטזאגען; זיך נייגען, זיך בויגען אראב=צו; אבווייכען פון דער גראדער ריכטונג; אראבגעהן פון גלייכען וועג; זיך ענטזאגען; זינקען אויף א נידריגע מדרגה; קליין ווערען; שוואך ווערען; דעקלינירען [בויגען א הויפטווארט לויט די גראמאטיקאלישע כללים, ווי צ. ב. אין העברעאיש אב, אבי אביך א. ז. וו.]; דאס זינקען אויף א נידריגע מדרגה; דאס שוואך ווערען [ווי פון א קראנקהייט]; דאס ווערען שוואך און עובר בטל.

declined' *a.* (די-קלאינד') ז. *declinate*

decli'ner *n.* (די-קלאי'-נער) איינער וואס ענטזאגט זיך; א זון=זייגער.

decli'nograph *n.* (די-קלאי'-נא-גרעף) אן אפאראט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די ווייטקייט פון שטערען פון דעם עקוואטאר פון דער ערד.

declinom'eter *n.* (דעק-לי-נאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אבווייכונגען פון א מאגנעט=נאדעל פון ווירקליכען מערידיאן.

decli'nous *a.* (די-קלאי'-נאס) וואס איז געבויגען נאך אונטען אדער אראב=צו [וועגען פלאנצען].

dec'livate *a.* (דעק'-לי-ווייט) ווענינג געבויגען, עטוואס משופע'דיג; וואס בילדעט מיט א פלעכע א ווינקעל פון ווענינער ווי 45 גראד.

declive' *a.* (די-קלאיוו') וואס איז געבויגען נאך אונטען אדער אראב=צו.

dec'livent *a.* (דעק'-לי-ווענט) געבויגען נאך אונטען אדער אראב=צו; עטוואס אבגעבויגען.

decliv'itous *a.* (די-קליוו'-אי-טאס) געבויגען נאך אונטען אדער אראב=צו.

decliv'ity *n.* (די-קליוו'-אי-טי) די ריכטונג בארג=אראב; א פלעכע וואס איז געבויגען אראב=צו.

decli'vous *a.* (די-קלאי'-וואס) ז. *declivitous*

decoct' *v.* (די-קאקט') 1. קאכען; 2. פערדייען; 3. מאכען בייזע פלענער.

1. The cook contrived to **decoct** something tasteful for dinner. 3. The conspirators **decocted** some very clever schemes.

decoc'tible *a.* (די-קאק'-טיבל) וואס קען געקאכט ווערען; וואס קען פערדייט ווערען.

decoc'tion *n.* (די-קאק'-שאן) דאס קאכען, אויסקאכען אדער אבקאכען; דאס וואסער מיט וועלכען מען האט אבגעקאכט פלייש אדער גרינס.

decoc'ture *n.* (די-קאק'-טשור) דאס וואסער אין וועלכען פלייש אדער גרינס איז אבגעקאכט געווארען.

decohere' *v.* (די-קא-היער') מאכען עפעס זאל מעהר ניט זיין צוגעקלעפט אדער בעהעפט; אבטיילען, פונאנדערנעהמען.

decol'late *v.* (די-קאל'-אייט) אראבהאקען דעם קאפ, קעפען.

decol'lated *a.* (די-קאל'-איי-טעד) אראבגעהאקט דעם קאפ, געקעפט.

decolla'tion *n.* (די-קא-ליי'-שאן) דאס אבהאקען דעם קאפ, דאס קעפען.

décolleté' *a.* (דיי-קאל-ע-טיי') דעקאלטירט, טיעף אויסגעשניטען דער האלז און שולטערען [וועגען פרויען=קליידער].

decol'or *v.* (די-קאל'-אר) אוועקנעהמען דעם קאליר; מאכען עס זאל אבבלאקירען אדער בלייכען.

decol'orant *n. and a.* (די-קאל'-אר-ענט) וואס האט די אייגענשאפט אראבצונעהמען דעם קאליר; וואס מאכט עס זאל אבבלאקירען אדער בלייכען; א מיטעל צום אוועקנעהמען דעם קאליר פון א שטאף; א בלייכונגס=מיטעל.

decol'orate *v. and a.* (די-קאל'-אר-אייט) אוועקנעהמען דעם קאליר; מאכען אז עס זאל אבבלאקירען; אבגעבלאקירט, אבגעבלייכט.

decolora'tion *n.* (די-קאל-א-ריי'-שאן) דאס אוועקנעהמען דעם קאליר פון עטוואס; דאס אבבלאקירען; דאס ניט האבען קיין קאליר.

decolorim'eter *n.* (די-קאל-א-רימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די ווירקונג פון בלייכונגס=מיטעל.

decoloriza'tion *n.* (די-קאל-אר-אי-זיי'-שאן) דאס אבבלאקירען אדער אבבלייכען.

decol'orize *v.* (די-קאל'-אר-איז) ז. *decolor*

decol'orizer *n.* (די-קאל'-אר-אי-זער) עטוואס וואס נעהמט אב דעם קאליר אדער וואס מאכט, אז עס זאל אבבלאקירען.

de'complex *a.* (די'-קאמ-פלעקס) מיט צוזאמענגעזעצטע אדער קאמפליצירטע בעשטאנדטיילען.

decomposabil'ity *n.* (די-קאמ-פאו-זע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט פאנאנדערצופאלען אדער צו ווערען פאנאנדערגענומען אויף די גרונד=עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען [וועגען צונויפגעזעצטע שטאפען, וועלכע בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען].

decompo'sable *a.* (די-קאמ-פאו'-זעבל) וואס קען פאנאדערגענומען ווערען אדער צופאלען אויף די גרונד=עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען [וועגען צונויפגעזעצטע שטאפען, וועלכע בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען]; וואס קען פערפוילט ווערען.

decompose' *v.* (די-קאמ-פאוס') אויפלעזען, פאנאנדערנעהמען אויף די גרונד=עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען [וועגען שטאפען וואס בעשטעהען פון מעהרערע עלעמענטען]; צופאלען, אויפגעלעזט ווערען; פערפוילען, צופוילט ווערען.

decomposed' *a.* (די-קאמ-פאוזד') וואס איז פאנאנדערגעפאלען אדער פאנאדערגעטיילט; אבגעטיילט איינער פון דעם אנדערען.

decompo'ser *n.* (די-קאמ-פאו'-זער) עטוואס וואס לעזט אויף אדער נעהמט פאנאנדער די בעשטאנדטיילען.

decompos'ite *n. and a.* (די-קאמ-פאז'-איט) וואס בעשטעהט פון צוזאמענגעזעצטע עלעמענטען; דאפעלט צוזאמענגעזעצט; עטוואס וואס בעשטעהט פון א דאפעלטער צוזאמענזעצונג.

decomposi'tion *n.* (די-קאמ-פא-זיש'-אן) דאס צופוילט ווערען; דאס פאנאנדערנעהמען אויף די גרונד=עלעמענטען אדער בעשטאנדטיילען; דאס פאנאנדערפאלען אויף די בעשטאנדטיילען; א דאפעלטע צוזאמענזעצונג פון עלעמענטען.

decomposi'tion of for'ces (די-קאמ-פא-זיש'-אן אוו פאור'-סעז) דאס פאנאנדערלעגען א צוזאמענגעזעצטע קראפט אויף איהרע בעשטאנדטיילען.

decomposi'tion of light (די-קאמ-פא-זיש'-אן אוו לאיט) דאס פאנאנדערלעגען א ליכט=שטראהל אין זיינע פריזמאטישע קאלירען [ווען מען לאזט דורך א ליכט=שטראהל דורך א דרייקאנטיגען געשליפענעם גלעזעל (פריזמא), בעקומט מען א בילד פון פארבען, וועלכע מען זעהט אין א רעגען=בויגען].

decompound' *n., a. and v.* (די-קאמ-פאונד') וואס בעשטעהט פון א דאפעלטער צוזאמענזעצונג; דאפעלט צוזאמענגעזעצט, דאפעלט פערבונדען; מעהרערע מאל געטיילט [וועגען געוויסע פלאנצען=בלעטער וואס זיינען מעהרערע מאל געטיילט]; עטוואס וואס איז דאפעלט צוזאמענגעזעצט; דאפעלט צוזאמענזעצען! אדער פערבינדען; צוזאמענזעצען צוזאמענגעזעצטע עלעמענטען נאך אמאל.

decompoun'dable *a.* (די-קאמ-פאונ'-דעבל) וואס מען קען צוזאמענזעצען נאך אמאל.

decompound' leaf (די-קאמ-פאונד' ליעף) א בלאט וואס איז מעהרערע מאל געטיילט.

decompound'ly *adv.* (די-קאמ-פאונד'-לי) אויף א דאפעלט צוזאמענגעזעצטען אופן.

dec'orate *v.* (דעק'-א-רייט) דעקארירען, אויספוצען, שעהנער מאכען, בעציערען.

dec'orated *a.* (דעק'-א-ריי-טעד) דעקארירט, אויסגעפוצט, בעציערט.

decora'tion *n.* (דעק-א-ריי'-שאן) דאס דעקארירען, א בעפוצונג; א דעקאראציע, א בעציערונג.

Decora'tion day (דעק-א-ריי'-שאן דיי) דער דעקאראציאנס-טאג [דער 30טער מאי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכער איז אנגענומען פאר אן אנדענקונגס-טאג פאר די געפאלענע סאלדאטען אין דעם בירגער-קריעג פון די יאהרען 1861—65. אין דעם טאג ווערען די קברים פון דיעזע געפאלענע קעמפפער דעקארירט מיט בלומען].

dec'orative *a.* (דעק'-א-ריי-טיוו) וואס דעקארירט, בעפוצט, בעציערט, פערשעהנערט.

dec'orative art (דעק'-א-ריי-טיוו ארט) די דעקאראציאנס-קונסט, די קונסט פון דעקארירען אדער אויספוצען צימערען, געביידען א. ד. ג.

dec'orativeness *n.* (דעק'-א-ריי-טיוו-נעס) דאס זיין דעקארירט, געציערט אדער אויסגעפוצט.

dec'orative notes (דעק'-א-ריי-טיוו נאוטס) קורצע נאטען וואס ווערען צוגעגעבען צו א מעלאדיע זי צו פערציערען.

dec'orator *n.* (דעק'-א-ריי-טאר) א דעקאראטאר, איינער וואס דעקארירט צימערען, געביידעס א. ד. ג.

deco'rous *a.* (די-קאו'-ראס) העפליך; אנשטענדיג, סטאטעטשנע.

He was uniformly **decorous** and had a high sense of duty.

deco'rously *adv.* (די-קאו'-ראס-לי) אויף אן אנשטענדיגען אופן; מיט העפליכקייט; מיט שטאט; ווי עס דארף צו זיין.

deco'rousness *n.* (די-קאו'-ראס-נעס) אנשטענדיגקייט; שטאט, העפליכקייט.

decor'ticate *v. and a.* (די-קאהר'-טי-קייט) אבשיילען, אברייסען די קארע אדער די שאלעכץ; אראבגעריסען אדער אבגעשיילט דאס אויבערשטע הייטעל אדער שאלעכץ; אהן קארע אדער שאלעכץ.

decortica'tion *n.* (די-קאהר-טי-קיי'-שאן) דאס אבשיילען, דאס אברייסען די קארע, די שאלעכץ אדער דאס הייטעל.

decor'ticator *n.* (די-קאהר'-טי-קיי-טאר) א געצייג אראבצורייסען אדער אבצושיילען קארע אדער שאלעכץ.

deco'rum *n.* (די-קאו'-ראם) העפליכקייט, אנשטענדיגקייט; שטאט; פאסיגקייט.

Decorum must be observed in houses of worship.

decoy' *n. and v.* (די-קאי') אנלאקען, צוציהען; אריינגנארען; אריינגענארט ווערען, אריינפאלען; א נעץ, א פאסטקע פאר פויגלען אדער חיות; עפעס וואס נארט אריין, ציהט צו אדער לאקט אן.

decoy'-bird *n.* (די-קאי'-בוירד) א לאקפויגעל [א פויגעל וואס ווערט אוועקגעשטעלט אנצולאקען אדער צוצוציהען פויגעל, אז זיי זאלען אריינפאלען אין נעץ].

decoy'-duck *n.* (די-קאי'-דאק) א לאק-ענטעל [אן ענטעל (קאטשקע) וואס ווערט אוועקגעשטעלט אנצולאקען אנדערע ענטלעך, אז זיי זאלען אריינפאלען אין נעץ]; א פערזאן וואס נארט אריין אנדערע.

decoy'er *n.* (די-קאי'-ער) א נעץ אדער פאסטקע פאר פויגלען אדער חיות.

decrease' *n. and v.* (די-קריעס') פערקלענערען, פערמינדערען; ווייניגער ווערען; פערקלענערט ווערען; א פערקלענערונג, א פערמינדערונג.

decrea'sing *a.* (די-קריע'-סינג) פערקלענערענדיג, פערמינדערענדיג; זיך פערמינדערענדיג.

decrea'singly *adv.* (די-קריע'-סינג-לי) אויף א פערקלענערענדען אדער פערמינדערענדען אופן; דורך פערמינדערונג אדער פערקלענערונג.

decree' *n. and v.* (די-קריע') א דעקרעט, אן אוקאז, א בעפעהל; א בעשטימונג; א געריכטליכער אורטייל; דעקרעטירען, בעשליסען, בעשטימען; ארויסגעבען א געריכטליכען אורטייל.

decree'able *a.* (די-קריע'-עבל) וואס קען בעשלאסען אדער בעשטימט ווערען.

decre'er *n.* (די-קריע'-ער) איינער וואס גיט ארויס א דעקרעט אדער אוקאז.

decreet' *n.* (די-קריעט') א דעקרעט, אן אוקאז, א בעפעהל; א געריכטליכער אורטייל.

dec'rement *n.* (דעק'-רי-מענט) א שטופענווייזע פערקלענערונג אדער פערמינדערונג; די צאהל, מיט וועלכער עטוואס פערקלענערט זיך שטופענווייז.

decrep'id *a.* (די-קרעפ'-איד) ז. *decrepit*.

decrep'it *a.* (די-קרעפ'-איט) אלט, אבגעלעבט, שוואך פון יאהרען.

decrep'itate *v.* (די-קרעפ'-אי-טייט) קנאקען, טרעסטשען [ווי זאלץ אויף'ן פייער]; בראטען אין א גרויסער היץ, אז דאס געבראטענע זאל קנאקען אדער טרעסטשען.

decrepita'tion *n.* (די-קרעפ-אי-טיי'-שאן) דאס קנאקען אדער טרעסטשען [ווי זאלץ אויף'ן פייער].

decrep'itly *adv.* (די-קרעפ'-איט-לי) דורך שוואכקייט אדער צעבראכענקייט פון עלטער.

decrep'itness *n.* (די-קרעפ' איט-נעס) ז. *decrepitude*.

decrep'itude *n.* (די-קרעפ'-אי-טיוד) צובראכענקייט, אבגעלעבטקייט, שוואכקייט פון יאהרען.

decrescen'do *n.* (דיי-קרע-שענ'-דא) אין מוזיק — אן אריבערגאנג פון א הויכען טאן צו א זאנפטען.

decres'cent *a.* (די-קרעס'-ענט) קלענער ווערענדיג; זיך פערמינדערענדיג.

decre'tal *n. and a.* (די-קרי'-טעל) וואס ענטהאלט דעקרעטען; וואס איז שייך צו א דעקרעט אדער אוקאז; א בריעף פון דעם פאפסט וואס ענטהאלט א דעקרעט וועגען קירכליכע ענינים; א זאמעל-בוך פון דעקרעטען אדער אוקאזען.

Decre'tals *n.* (די-קרי'-טעלז) דער צווייטער טייל פון די קאנאנישע געזעצע, וועלכער ענטהאלט פערשיעדענע ערקלערונגען און בעשטימונגען פון פאפסטען וועגען קירכען-רעכט. ז. *canon law*.

decre'tist *n.* (די-קרי'-טיסט) א סטודענט פון יוריספרודענץ אין די אמאליגע אלטע אוניווערזיטעטען, איבערהויפט אזעלכער וואס האט שטודירט קירכען-געזעץ.

decre'tive *a.* (די-קרי'-טיוו) וואס האט די מאכט פון א דעקרעט אדער בעפעהל.

dec'retorily *adv.* (דעק'-רי-טא-רי-לי) אויף א בעשטימטען, ענטשיעדענעם אופן.

dec'retory *a.* (דעק'-רי-טא-רי) ענטשיידענד; בעשטימט דורך א דעקרעט אדער אוקאז.

decri'al *n.* (די-קראי'-על) דאס אראברייסען אדער אראבקריטיקירען; דאס מאכען צו גארנישט דורך קריטיק; א פערניכטענדע קריטיק; א שטארקע טאדלונג.

decri'er *n.* (די-קראי'-ער) אן אראברייסער, א קריטיקער וואס מאכט צו גארנישט; א פערניכטענדער קריטיקער; א שטרענגער טאדלער.

decry' *v.* (די-קראי') אראברייסען, אראבקריטיקירען, טאדלען; פערדאמען; מאכען צו גארנישט.

decuba'tion *n.* (די-קיו-ביי'-שאן) דאס ליעגען, דאס ליעגען אויסגעצויגען אדער אויסגעשטרעקט; דאס זיין אנגעלעהנט.

decu'bital *a.* (די-קיו'-בי-טעל) וואס איז שייך צו דער דעקיוביטוס-קראנקהייט [געשווירען אויף די זייטען, וועלכע קומען פון לאנג ליעגען אויף'ן קראנקען-בעט].

decu'bitus *n.* (די-קיו'-בי-טאס) די פאזע פון א קראנקען ווען ער ליעגט אין בעט; דעקיוביטוס-קראנקהייט [געשווירען אויף די זייטען, וועלכע קומען פון לאנג ליעגען אויף'ן קראנקען-בעט].

decum'bence *n.* (די-קאמ'-בענס) דאס ליעגען; דאס ליעגען אויסגעשטרעקט אדער אויסגעצויגען; דאס זיין אנגעלעהנט.

decum'bency *n.* (די-קאמ'-בענ-סי) ז. *decumbence*.

decum'bent *a.* (די-קאמ'-בענט) אויסגעשטרעקט; ליעגענדיג; אנגעלעהנט.

decum'bently *adv.* (די-קאמ'-בענט-לי) ליעגענדיג; אויף אן אנגעלעהנטען אופן.

dec'uple *n., a. and v.* (דעק'-יופל) צעהנפאכיג; א צאהל וואס איז צעהן מאל פערגרעסערט; צעהנפאך פערגרעסערען.

decu'rion *n.* (די-קיו'-רי-אן) א פארציטיגער רוימישער אפיציער איבער צעהן סאלדאטען; א קאמאנדיר פון צעהן [שר עשרה].

decur'rency *n.* (די-קאר'-ענ-סי) די פערלענגערונג פון א בלאט נאך אונטען, וואו ער וואקסט זיך צוזאמען מיט'ן שטאם פון דער פלאנצע.

decur'rent *a.* (די-קאר'-ענט) וואס ליפט נאך אונטען [וועגען בלעטער וועלכע זיינען פערלענגערט נאך אונטען וואו זיי וואקסען זיך צוזאמען מיט דעם שטאם פון דער פלאנצע].

decur'sion *n.* (די-קויר'-שאן) דאס אראבפליסען פון א שטראם אדער טייך.

decur'sive *a.* (די-קויר'-סיוו) וואס פליסט ארונטער.

decur'sively *adv.* (די-קויר'-סיוו-לי) אויף אן אראבפליסענדען אופן.

decurt' *v.* (די-קוירט') אבשניידען קורץ; פערקירצען, אבקירצען.

decur'tate *a. and v.* (די-קויר'-טייט) קורץ אבגעשניטען; אבגעקירצט, פערקירצט; קורץ אבשניידען; אבקירצען, פערקירצען.

decurta'tion *n.* (די-קויר-טיי'-שאן) דאס פערקירצען אדער אבקירצען; פערקירצונג, אבקירצונג.

decurva'tion *n.* (די-קויר וויי'-שאן)

דאס זיין געבויגען אדער געקרימט נאך אונטען אדער אראב־צו.

decur'vature *n.* (די-קויר'-ווע-טשור) ז. ***decurvation***

decurve' *v.* (די-קוירוו') אויסקרימען נאך אונטען, איינבויגען אראב־צו.

decurved' *a.* (די-קוירווד') געבויגען אדער געקרימט נאך אונטען.

dec'ury *n.* (דעק'-יו-רי) א מיליטערישע אבטיילונג פון צעהן סאלדאטען אין אלטען רוים.

decus'sate *v. and a.* (די-קאס'-איית) דורכקרייצען; קרייצפערמיג דורכשניידען; דורכשניידען; דורכגעקרייצט; קרייצפערמיג; וואס האט די בלעטער אין א קרייצפערמיגער לאגע [יעדע צוויי פאר בלעטער קרייצען זיך איבער].

decus'sated *a.* (די-קאס'-איי-טעד) דורכגעקרייצט; קרייצפערמיג; האבענדיג די בלעטער אין א קרייצפערמיגער לאגע. ז. ***decussate***

decus'sately *adv.* (די-קאס'-איית-לי) אויף א דורכגעקרייצטען אדער דורכגעשניטענעם אופן.

decussa'tion *n.* (די-קא-סיי'-שאן) דאס דורכשניידען, דאס דורכקרייצען.

decus'sative *a.* (די-קאס'-איי-טיוו) דורכשניידענדיג, דורכקרייצענדיג.

decus'satively *adv.* (די-קאס'-איי-טיוו-לי) אויף א קרייצפערמיגען אופן; אויף דעם אופן פון א X.

de'dal *a.* (די'-דעל) קינסטליך, קונסטפאל; ניט אויפריכטיג; כיטרע.

deda'lian *a.* (די-דיי'-לי-ען) ז. ***dedal***

ded'alous *a.* (דעד'-ע-לאס) ווי א לאבארינט; פערוווירט, פערפלאנטערט, פערוויקעלט; קינסטליך, קונסטפאל; ניט אויפריכטיג.

ded'icant *n.* (דעד'-אי-קענט) איינער וואס ווייהעט איין [א מענשען, א טעמפעל א. ד. ג.]; איינער וואס ווידמעט [עטוואס צו אימעצען].

ded'icate *v.* (דעד'-אי-קייט) 1. איינווייהען [ווי מאכען א חנוכת הבית]; 2. ווידמען [א שריפט, א ווערק א. ד. ג. צו אימעצען]; 3. פרייוויליג אבטרעטען פריוואט־איינענטום צו קהל.

2. The author dedicated his work to his wife. 3. He dedicated his fortune to the public.

dedica'tion *n.* (דעד-אי-קיי'-שאן) איינווייהונג [ווי חנוכת הבית]; ווידמונג; א פרייוויליגע אבטרעטונג פון פריוואט איינענטום פאר די נוצען פון קהל.

ded'icator *n.* (דעד'-אי-קיי-טאר) איינער וואס ווידמעט עפעס צו אימעצען.

dedicato'rial *a.* (דעד-אי-קיי-טאו'-רי-על) ז. ***dedicatory***

ded'icatory *a.* (דעד'-אי-קיי-טא-רי) וואס האט דעם כאראקטער פון א ווידמונג.

ded'imus *n.* (דעד'-אי-מאס) אן ערלויבניש, וואס מען גיט א פריוואט־פערזאן צו ערפילען פונקציעס, וואס א ריכטער האט, ווי אויספרעגען עדות א. ד. ג.

dédit' *n.* (דיי-די') שטראף־געלד וואס ווערט ארויפגעלעגט אין פראנקרייך אדער אין קאנאדא אויף איינעם וואס האט געבראכען א קאנטראקט.

dedola'tion *n.* (דעד-א-ליי'-שאן) דאס אראבשניידען פלייש פון קערפער; א וואונד, בעזאנדערס א קאפ־וואונד, וואס קומט פון אראבשניידען א שטיק פלייש.

de do'mo reparan'do (די דאו'-מאו רעפ-ע-רענ'-דאו) א שריפט וואס ווערט אימעצען ארויסגעגעבען פון געריכט געגען זיין שכן, וועמענס הויז איז אין געפאהר איינצופאלען, אז ער זאל מאכען די נויטיגע רעפאראטורען און אבשאפען די געפאהר.

deduca'tion *n.* (דעד-יו-קיי'-שאן) א פערפיהרעניש; א ווענדונג אין א פאלשער ריכטונג.

deduce' *v.* (די-דיוס') רעדוצירען, ארויסדרינגען עפעס פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער פאקט; ציהען א שלוס.

deduce'ment *n.* (די-דיוס'-מענט) א דעדוקציאן, א לאגישער ארויסגעדרונגענער שלוס; אן ארויסגעדרונגענע בעהויפטונג.

deducibil'ity *n.* (די-דיו-סי-ביל'-אי-טי) דאס קענען דעדוצירט אדער לאגיש ארויסגעדרונגען ווערען פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער בעקאנטער טהאטזאך.

dedu'cible *a.* (די-דיו'-סיבל) וואס קען רעדוצירט אדער ארויסגעדרונגען ווערען פון א געוויסען פרינציפ, געדאנק אדער פאקט.

dedu'cibleness *n.* (די-דיו'-סיבל-נעס) ז. ***deducibility***

dedu'cive *a.* (די-דיו'-סיוו) דעדוצירענד, ארויסדרינגענד.

deduct' *v.* (די-דאקט') אבציהען, אראברעכענען.

Deduct the freight charges from the amount of profits.

deduc'tible *a.* (די-דאק'-טיבל) וואס קען אבגערעכענט אדער אבגעצויגען ווערען.

deduc'tio ad impos'sibile (די-דאק'-שי-או עד אים-פאס'-אי-בי-לע) דאס ארויסשטעלען די פאלשקייט פון א היפאטעזע אדער בעהויפטונג דורך דאס בעווייזען, אז די געמאכטע היפאטעזע אדער בעהויפטונג פיהרט צו אזא שלוס, וועלכער איז בעקאנט פאר ניט ריכטיג.

deduc'tion *n.* (די-דאק'-שאן) א דעדוקציאן, דאס ארויסדרינגען א שלוס פון א בעקאנטען פרינציפ; א לאגישער ארויסגעדרונגענער שלוס פון א בעקאנטען פרינציפ; דאס אבציהען, דאס אראברעכענען.

deduc'tion of a claim (די-דאק'-שאן אוו ע קליים) דאס בעווייזען די ריכטיגקייט אדער דאס רעכט פון א פאדערונג אין געריכט דורך א לאגישער ארויסדרינגונג פון די פרינציפען פון געזעץ אדער יושר.

deduc'tive *a.* (די-דאק'-טיוו) דעדוקטיוו, ארויסגעדרונגען פון א געוויסען פרינציפ אדער געדאנק; געבויט אויף א שלוס, וועלכער איז ארויסגעדרונגען פון א געוויסען פרינציפ אדער געדאנק.

deduc'tively *adv.* (די-דאק'-טיוו-לי) דורך דעדוקציאן, דורך ארויסדרינגען פון אן אלגעמיינעם פרינציפ.

deed *n. and v.* (דיעד) א טהאט, א האנדלונג; א דאקומענט; א געשריבענער קאנטראקט; א פערקויפס־קאנטראקט פון הייזער אדער לאנד; איבערטראגען הייזער אדער לאנד צו אימעצען דורך א קאנטראקט.

deed'-box *n.* (דיעד'-באקס) א קעסטעל אין וועלכען מען האלט דאקומענטען.

deed'ful *a.* (דיעד'-פול) טהעטיג, פול מיט טהעטיגקייט, פול מיט גרויסע טהאטען.

deed'less *a.* (דיעד'-לעס) אונטהעטיג; וואס האט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט גרויסע טהאטען.

deed of bar'gain and sale (דיעד אוו באר'-גיין ענד סייל) א שטר־מכירה אדער קויף־קאנטראקט אויף הייזער אדער לאנד.

deed of part'nership (דיעד אוו פארט'-נער-שיפ) אן אבמאך פון שותפות.

deed of trust (דיעד אוו טראסט) א פאלמאכט; א בעפאלמעכטיגונג פון אן אפעקון.

deeds of arms (דיעדז אוו ארמז) העלדישע טהאטען אויף'ן שלאכטפעלד.

deed to (דיעד טו) איבערשרייבען אויף אימעצענס נאמען, איבערלאזען בירושה.

He deeded his entire estate to his eldest son.

dee'dy *n.* (דיע'-די) א היהנדעל.

deem *v.* (דיעם) דענקען, רעכענען, טראכטען, מיינען; אורטיילען.

I deemed it prudent to be silent.

deem'ster *n.* (דיעמ'-סטער) א ריכטער, א שופט; אן אויסגעקליבענער ריכטער אויף די אינזלען דזשוירסי און מען.

deep *n., a. and adv.* (דיעפ) 1. טיעף, טונקעל [וועגען פארבען], שטארק; אונפערשטענדליך, שווער צו בעגרייפען; 2. הארציג, ערנסט; 3. גרינדליך; כיטרע, פאלש, פעררעטעריש, פערבארגען, געהיים; 4. עטוואס זעהר טיעפעס; טיעפקייט; דער מיטעלפונקט, דער שטארקסטער פונקט; 5. דער ים, דער אקעאן; דער אבגרונד. 6. א טיעף געהיימניס, א סוד.

1. O Lord, thy thoughts are very deep. 2. Her deep prayers rose to heaven. 3. He is a deep schemer.

deep'-brained *a.* (דיעפ'-בריינד) טיעפזיניג, גייסטרייך.

deep'-browed *a.* (דיעפ'-בראוד) וואס האט א טיעפען שכל.

deep'-draw'ing *a.* (דיעפ'-דראה'-אינג) וואס שטעהט טיעף אין וואסער [וועגען א שיף].

dee'pen *v.* (דיעפן) פערטיעפען, פערשטארקען, פערגרעסערען; מאכען גדיכטער; מאכען טונקעלער [א פארב]; מאכען נידריגער דעם טאן; ווערען טיעפער; ווערען טונקעלער.

deep'-felt *a.* (דיעפ'-פעלט) טיעף דורכגעפיהלט.

His deep-felt words reached every one's heart.

deep fem'oral ar'tery (דיעפ פעמ'-א-רעל אר'-טע-רי) די הויפט ארטעריע אין דעם הינטערשטען טייל פון פאלקע. ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

deep ga'ming (דיעפ גיי'-מינג) אן אזארטנער [ליידענשאפטליכער] שפיעל.

deep'-green *a.* (דיעפ'-גריען) טונקעלגרין.

deep in (דיעפ אין) זיך פערטיעפען, זיך אריינטהאן.

The society is deep in the mysteries of occult science.

deep in the mire (דיעפ אין טהי מאיר) טיעף אין דער בלאטע; אין א גרויסער פערלעגענהייט.

deep'ly *adv.* (דיעפ'-לי) טיעף, שטארק, ליידענשאפטליך, גרינדליך; מיט א נידריגען טאן.

deep'ly indebt'ed (דיעפ'-לי אינ-דעט'-עד) שטארק פערפליכטעט; דאנקשולדיג.

I feel deeply indebted to you for your many kindnesses.

deep'ly in debts (דיעפ'-לי אין דעטס) איבער'ן קאפ אין חובות.

deep'ly roo'ted (דיעפ'-לי רוה'-טעד) טיעף איינגעווארצעלט.

Hero worship is deeply rooted in human nature.

deep'ly versed in (דיעפ'-לי וואירסט אין) שטארק בעלעזען, גוט בעקאנט מיט אן ענין.
He is **deeply versed in** literature.

deep'-mouthed *a.* (דיעפ'-מאוטהט) מיט א טיעפער, שטארקער שטימע; טיעף און שטארק ווי דאס בילען פון א הונד.

deep'ness *n.* (דיעפ'-נעס) טיעפקייט, טיעפענים.

deep'-piled *a.* (דיעפ'-פאילד) טיעף-האריג ווי פלוש אדער סאמעט.

deep'-roo'ted *a.* (דיעפ'-רוה'-טעד) טיעף איינגעווארצעלט.

deep'-sea *a.* (דיעפ'-סיע) וואס איז שייך צו די טיעפערע ערטער פון ים.

deep'-sea lead'-line (דיעפ'-סיע לעד'-לאין) א לאנגער שטריק צו וועלכען עס איז צוגעבונדען א שווערע שטיק בליי, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די טיעפענים פון ים.

deep'-sea soun'ding-machine' (דיעפ'-סיע סאונ'-דינג-מע-שין') א מאשין צו מעסטען די טיעפענים פון ים.

deep'-sea'ted *a.* (דיעפ'-סיע'-טעד) 1. טיעף-זיצענדיג, איינגעפאלען; 2. טיעף-איינגעווארצעלט.
1. A strange fire burned in her **deep-seated** eyes. 2. **Deep-seated** prejudices are not easily rooted out.

deep sense (דיעפ סענס) א טיעפע בעדייטונג.

deep'-set *a.* (דיעפ'-סעט) טיעף אריינגעזעצט, טיעף זיצענד.
He has **deep-set** eyes.

deep'-set'ting *n.* (דיעפ'-סעט'-אינג) א מעטאדע אין מילך-ווירטשאפטען ארויסצונעהמען סמעטענע אדער שמאנט פון מילך דורך דעם וואס די מילך ווערט געגאסען אין טיעפע קאנען וועלכע ווערען אבגעקיהלט אויף אייז אדער אין קאלטען וואסער.

deep'-toned *a.* (דיעפ'-טאונד) פון א נידריגען, טיעפען טאן.

deer *n.* (דיער) א הירש.

Deer

deer'-field *n.* (דיער'-פיעלד) ז. *deer-fold*.

deer'-fold *n.* (דיער'-פאולד) א פארק וואו מען האלט הירשען; א טהיער-גארטען.

deer'-hair *n.* (דיער'-העהר) אזא זומפ-פלאנצע וואס וואקסט אין בינטלעך.

deer'-herd *n.* (דיער'-הוירד) איינער וואס האלט אדער הארעוועט הירשען.

deer'-hound *n.* (דיער'-האונד) א יאגד-הונד וועלכער ווערט בענוצט אין יאגד אויף הירשען.

deer'let *n.* (דיער'-לעט) א קליינער הירש.

deer'-mouse *n.* (דיער'-מאוס) די אמעריקאנער שפרינג-מויז.

deer'-neck *n.* (דיער'-נעק) א דינער מאגערער האלז [ווי פון א הירש].

deer'-park *n.* (דיער' פארק) ז. *deer-fold*.

deer's'-hair *n.* (דיערז'-העהר) ז. *deer-hair*.

deer'-shot *n.* (דיער'-שאט) גרויסע שראט [מיט וועלכע מען שיסט הירשען].

deer'skin *n.* (דיער'-סקין) א הירשען-פעל; הירשען-לעדער.

deer'-stal'ker *n.* (דיער'-סטאה'-קער) א הירשען-יעגער וואס גנב'עט זיך שטילערהייט אונטער און נעהמט דעם הירש געפאנגען.

deer'-stal'king *n.* (דיער'-סטאה'-קינג) שטילע הירש-יאגד. ז. *deer-stalker*.

deer'-stea'ling *n.* (דיער'-סטיע'-לינג) פערבאטענע הירשען-יאגד אויף פרעמדען לאנד.

deer's'-tongue *n.* (דיערז'-טאנג) אזא אמעריקאנער פלאנצע מיט דיקע פליישיגע בלעטער וועלכע האבען זעהר אן אנגענעהמען ריח ווען זיי ווערען געטריקענט.

deer'-ti'ger *n.* (דיער'-טאי'-גער) ז. *cougar*.

dee'sis *n.* (דע-אי'-סיס) דאס אנרופען גאט.

deev *n.* (דיעוו) א בייזער גייסט; א שליח פון אכרימאן, דעם גאט פון פינסטערנים און שלעכטס [אין דער פערזישער מיטאלאגיע].

deface' *v.* (די-פיים') 1. צוקאליעטשען, פערדארבען; 2. אבמעקען; אויסשטרייכען, אויסקראצען.
1. Children are in the habit of **defacing** their school desks.

deface'ment *n.* (די-פיים'-מענט) דאס צוקאליעטשען, דאס פערדארבען; דאס אבמעקען, דאס אויסקראצען.

defa'cer *n.* (די-פיי'-סער) א פערדארבער, א פערטיליגער; איינער וואס צוקאליעטשעט.

defa'cingly *adv.* (די-פיי'-סינג-לי) פערדארבענדיג, צוקאליעטשענדיג.

de fac'to (דע פעק'-טאו) פאקטיש, אין דער ווירקליכקייט, אין אמת'ן.
The election being still contested, Mr. X is the **de facto** governor.

def'æcate *v.* (דעפ'-אי-קייט) ז. *defecate*.

defæca'tion *n.* (דעפ-אי-קיי'-שאן) ז. *defecation*.

defal'cate *v.* (די-פעל'-קייט) זיין שולדיג אין פערכאפען אנפערטרויטעס געלד; פערלייקענען אדער פערכאפען פרעמדעס אנפערטרויטעס געלד; אראברעכענען, אראבנעהמען.

defalca'tion *n.* (די-פעל-קיי'-שאן) דאס פערלייקענען אדער פערכאפען אנפערטרויטעס געלד.
A **defalcation** was found in the treasurer's accounts.

def'alcator *n.* (דעפ'-על-קיי-טאר) איינער וואס פערשווינדעלט אנפערטרויטעס געלד.

defalk' *v.* (די-פאהלק') אראבשניידען, אראבנעהמען.

defama'tion *n.* (דעפ-ע-מיי'-שאן) א דעפעמאציע, א פערלוימדונג; רכילות.

defam'atory *a.* (די-פעמ'-ע-טא-רי) פערלוימדעריש.

defam'atory li'bel (די-פעמ'-ע-טא-רי לאי'-בעל) א פאסקוויל, א פערלוימדערישע, בעליידיגענדע שריפט.

defame' *v.* (די-פיים') פערלוימדען; אנריידען אויף אימעצען רכילות.

defamed' *a.* (די-פיימד') פערלוימדעט.

defa'mer *n.* (די-פיי'-מער) א פערלוימדער; א רכילות'ניק; א פאסקווילען-שרייבער.

defa'ming *n.* (די-פיי'-מינג) דאס בעריידען; פערלוימדונג.

defa'mingly *adv.* (די-פיי'-מינג-לי) אויף א פערלוימדערישען אופן.

default' *n. and v.* (די-פאהלט') א פערזעהען; א פערנאכלעסיגונג; א מאנגעל; א פעהלער; פערזעהען אדער פערנאכלעסיגען; פערפעהלען; פערנאכלעסיגען צו ערפילען פערפפליכטונגען [ווי בעצאהלען א חוב, קומען אין געריכט ווען מען ווערט גערופען א. ד. ג.].
Because he failed to answer the summons the case was decided against the defendant by **default**.

defaul'ter *n.* (די-פאהל'-טער) איינער וואס ערפילט ניט זיינע פערפפליכטונגען [צאהלט ניט זיין חוב, קומט ניט אין געריכט, ווען ער ווערט גערופען א. ד. ג.].

defea'sance *n.* (די-פיע'-זענס) דאס אונגילטיג מאכען, דאס מבטל זיין; דאס צו-נישט מאכען [ווי א קאנטראקט, א דאקומענט א. ד. ג.].

defea'sible *a.* (די-פיע'-זיבל) וואס קען צו-נישט געמאכט ווערען, וואס קען אונגילטיג געמאכט ווערען.

defea'sibleness *n.* (די-פיע'-זיבל-נעס) דאס קענען אבגעשאפט ווערען, דאס קענען געמאכט ווערען אונגילטיג.

defea'sible ti'tle (די-פיע'-זיבל טאיטל) א רעכט וואס קען געמאכט ווערען אונגילטיג.

defeat' *n. and v.* (די-פיעט') מנצח זיין; א תל מאכען [פון אן ארמעע]; צו-נישט מאכען, מבטל זיין; צושטערען [האפנונגען, פלענער א. ד. ג.]; א מפלה, א נידערלאגע; די צושטערונג [פון האפנונגען, פלענער א. ד. ג.].

defea'ture *n.* (די-פיע'-טשור) דאס מאכען אונגילטיג, דאס פערניכטען, דאס מבטל זיין, דאס צושטערען.

def'ecate *v. and a.* (דעפ'-אי-קייט) לייטערען, קלאר מאכען; זיך לייטערען, ריין ווערען; געלייטערט; ריין.

defeca'tion *n.* (דעפ-אי-קיי'-שאן) ריינינונג, לייטערונג; דאס אבריינינגען דעם מאגען; דאס געהן אויף נקיות.

def'ecator *n.* (דעפ'-אי-קיי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס רייניגט.

defect' *n.* (די-פעקט') א דעפעקט, א פעהלער, א מום; מאנגעל.
Upon examination the plan was found full of **defects**.

defectibil'ity *n.* (די-פעק-טי-ביל'-אי-טי) אונפאלקאמענהייט; פעהלערהאפטיגקייט; מאנגעלהאפטיגקייט.

defec'tible *a.* (די-פעק'-טיבל) אונפאלקאמען, אונפאלשטענדיג; פעהלערהאפט; מאנגעלהאפט.

defec'tibleness *n.* (די-פעק'-טיבל-נעס) אונפאלקאמענהייט; פעהלערהאפטיגקייט; מאנגעלהאפטיגקייט.

defec'tion *n.* (די-פעק'-שאן) א פעהלער, א פערזעהען, א פערנאכלעסיגונג; אבטריניגקייט [פון גלויבען, פפליכטען א. ד. ג.]; דאס אונטריי ווערען.

defec'tive *n. and a.* (די-פעק'-טיוו) מאנגעלהאפט, פעהלערהאפט, ניט פאלקאם; א קאליקע, א פערקריפעלטער [פיזיש אדער גייסטיג].
He is **defective** in speech.

defec'tively *adv.* (די-פעק'-טיוו-לי) אויף אן אונפאלקאמענעם אופן; אויף א פעהלערהאפטען אדער מאנגעלהאפטען אופן.

defec'tiveness *n.* (די-פעק'-טיוו-נעס) מאנגעלהאפטיגקייט; פעהלערהאפטיגקייט; אונפאלקאמענהייט.

defect'less *a.* (די-פעקט'-לעס) אהן א דעפעקט, אהן א פעהלער, אהן א מום.

defence' *n.* (די-פענס') דאס פערטיידיגען, א פערטיידיגונג; א ווידערשטאנד; א פערטיידיגונגס-רעדע; א פערטיידיגונגס-שריפט; א פערטיידיגונגס-מיטעל, א שוץ-וואפע; די פערטיידיגונגס-קונסט.

defence'less *a.* (די-פענס'-לעס) שוץ-לאז; וועהרלאז, אונבעוואפענט; שוואך.

defence'lessly *adv.* (די-פענס'-לעס-לי) אויף א שוצלאזען אדער וועהרלאזען אופן.

defence'lessness *n.* (די-פענס'-לעס-נעס) שוצלאזיגקייט, וועהרלאזיגקייט.

defend' *v.* (די-פענד') פערטיידיגען, בעשיצען; זיך שטעלען ענטגעגען.

defen'dable *a.* (די-פענ'-דעבל) וואס קען פערטיידיגט אדער געשיצט ווערען.

defend' against' (די-פענד' ע-גענסט) בעשיצען פון...

defen'dant *n. and a.* (די-פענ'-דענט) דער אנגעקלאגטער צד; אן אנגעקלאגטער; וואס דארף זיך פערטיידיגען.

defendee' *n.* (די-פענ-דיע') איינער וואס ווערט פערטיידיגט.

defen'der *n.* (די-פענ'-דער) א שיצער, א פערטיידיגער; אן אדוואקאט.

defend' from (די-פענד' פראם) בעשיצען פון...

defen'dress *n.* (די-פענ'-דרעס) א פערטיידיגערין, א בעשיצערין.

defen'sative *n.* (די-פענ'-סע-טיוו) עטוואס וואס שיצט; א שוץ, א פערטיידיגונג.

defense' *n.* (די-פענס') דאס פערטיידיגען; א פערטיידיגונג; א ווידערשטאנד; א פערטיידיגונגס-רעדע; א פערטיידיגונגס-שריפט; א פערטיידיגונגס-מיטעל; א שוץ-וואפע; די פערטיידיגונגס-קונסט.

defense'less *a.* (די-פענס'-לעס) שוצלאז, וועהרלאז, אונבעוואפענט; שוואך.

defense'lessly *adv.* (די-פענס'-לעס-לי) אויף א שוצלאזען אדער וועהרלאזען אופן.

defense'lessness *n.* (די-פענס'-לעס-נעס) שוצלאזיגקייט, וועהרלאזיגקייט.

defensibil'ity *n.* (די-פען-סי-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט צו קענען פערטיידיגט ווערען.

defen'sible *a.* (די-פענ'-סיבל) ז. *defendable*.

defen'sibleness *n.* (די-פענ'-סיבל-נעס) ז. *defensibility*.

defen'sive *n. and a.* (די-פענ'-סיוו) וואס נוצט אלס פערטיידיגונג אדער שוץ; פערטיידיגענד; א פערטיידיגונג, א שוץ.

defen'sively *adv.* (די-פענ'-סיוו-לי) אויף א פערטיידיגענדען אדער שיצענדען אופן.

defen'sor *n.* (די-פענ'-סאר) א פערטיידיגער, א שיצער; אן אדוואקאט; אן אנגעקלאגטער.

defen'sory *a.* (די-פענ'-סא-רי) וואס פערטיידיגט, וואס שיצט.

defer' *v.* (די-פויר') 1. אבלעגען; פערציהען; 2. זיך אונטערווארפען אימעצענס מיינונג; נאכגעבען; איבערלאזען אן אנדערען צו אורטיילען; פערלאזען זיך אויף יענעמס מיינונג.

1. He defers his departure. 2. I defer to your wishes.

def'erence *n.* (דעפ'-ער-ענס) דאס נאכגעבען; דאס אונטערווארפען זיך אונטער אימעצענס מיינונג; די אונטערווארפונג, אונטערווארפענהייט; אכטונג.

def'erence to (דעפ'-ע-רענס טו) אכטונג צו אימעצען.

It was in deference to your grandfather that I raised no objections to your plan.

def'erent *n. and a.* (דעפ'-ע-רענט) פיהרענדיג, איבערטראגענדיג; עפעס וואס פיהרט אדער לייטעט; א פליסיגקייטס-קאנאל אין מענשליכען קערפער [ווי בלוטגעפעס א. ד. ג.].

deferen'tial *a.* (דעפ-ע-רענ'-שעל) 1. וואס דריקט אויס רעספעקט אדער אונטערווארפענהייט צו אימעצען; 2. וואס פיהרט, וואס לייטעט [ווענען די פליסיגקייטס-קאנאלען אין מענשליכען קערפער].

1. His manner is ever deferential.

dial'ysis *n.* (דאי-על'-אי-סיס) די פאנאַנ= דערטיילונג פון זאַכען, וועלכע זיינען אין נאַרמאַלען צושטאַנד פאַראייניגט, ווי דאס פאַנאַנדערטיילען די גליעדער פון א פלאַנ= צע אדער חיה; אין כעמיע — דאס פאַ= נאַנדערטיילען צוויי צוזאַמענגעמישטע שטאָפען, וואו איינער [ווי צוקער א. ד. ג.] צוגעהט שנעל און דער צווייטער [ווי זשעלאַטין] צוגעהט ניט; אין גראַמאַ= טיק — די דירעסיס, ד׳ צוויי פּינטעלעך אויף איינעם פון צוויי וואָקאַלע בוכשטאַ= בען, וואס שטעהען איינער נעבען אנ= דערען, וואס מאַכען זיי פאַר צוויי בעזונדערע זילבען [ווי למשל אין דער פראַנצויזישער שפּראַך *ai* לייענט זיך "ע"; *aï* לייענט זיך "א־אי"]; אין רעטאַריק אדער רעדע=קונסט — די פאַרענטעזע, א פראַזע אדער זאַץ, וואס ווערט אריינגע= שטעלט אין מיטען פון אן אנדער פראַזע און האט ניט מיט איהר קיין שום גראַמאַ= טיקאַלישע פערבינדונג [ווי למשל, "מיין אַלטער פריינד — מענשען האבען מיר דערצעהלט — האט זיך שלעכט בענאָמען מיט זיין ברודער"]; אין מעדיצין — שוואַכקייט, אבשוואַכונג פון די אברים; אן אפּעגע וואונד.

dialyt'ic *a.* (דאי-ע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו דער פאַנאַדערטיילונג, ווי אין כעמיע, אַנאַטאָמיע, גראַמאַטיק א. ד. ג. ז. *dialysis*

di'alyze *v.* (דאי'-ע-לאיז) פאַנאַנדערטיי= לען, ווי אין כעמיע, אַנאַטאָמיע, גראַמאַ= טיק א. ד. ג. ז. *dialysis*

di'amagnet *n.* (דאי'-ע-מעג-נעט) א דיאַמאַגנעט [א מעטאַל אדער אנדער שטאָף וואס ווערט אבגעשטויסען פון א מאַגנעט].

diamagnet'ic *n. and a.* (דאי-ע-מעג-נעט'-איק) דיאַמאַגנעטיש, וואס האט די איינענשאַפט פון דיאַמאַגנעטיזם; א דיאַ= מאַגנעטישער שטאָף. ז. *diamagnetism*

diamagnet'ically *adv.* (דאי-ע-מעג-נעט'-אי-קעל-אי) אויף א דיאַמאַגנעטישען שטייגער; ווי א דיאַמאַגנעטישער קערפּער. ז. *diamagnetism*

diamag'netism *n.* (דאי-ע-מעג'-נעט-איזם) דיאַמאַגנעטיזם, די איינענשאַפט פון געוויסע שטאָפען, ווי גאָלד, זילבער, ביס= מוט א. ד. ג. ניט מאַגנעטיזירט צו ווע= רען [ווען זיי טרעפען זיך מיט א מאַג= נעט, ווערען זיי מעהר אדער ווייניגער אב= געשטויסען פון די פאָלען].

diamagnetiza'tion *n.* (דאי-ע-מעג-נעט-אי-זיי'-שאַן) דאס זיין דיאַמאַגנעטיש. ז. *diamagnetism*

diamagnetom'eter *n.* (דאי-ע-מעג-נע-טאַמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דיאַמאַגנעטישע קראַפט פון געוויסע שטאָפען.

diamantif'erous *a.* (דאי-ע-מען-טיפ'-ע-ראַס) וואס גיט ארויס דימענטען.

diam'eter *n.* (דאי-עמ'-ע-טער) א דיאַ= מעטער, די ליניע וואס ווערט געצויגען דורך דעם צענטער פון איין ברעג קרייז צום צווייטען; די דיק פון א רונדען גע= גענשטאַנד.

diam'etral *n. and a.* (דאי-עמ'-ע-טרעל) וואס איז שייך צו א דיאַמעטער פון א קרייז אדער אירגענד וועלכער רונ= דער זאַך; א דיאַמעטער.

diam'etrally *adv.* (דאי-עמ'-ע-טרעל-אי) אויף דעם אופן פון א דיאַמעטער.

diamet'rical *a.* (דאי-ע-מעט'-רי-קעל) 1. דיאַמעטראַל, פּאָלשטענדיג ענטגעגענגע= זעצט, פונקט להיפוך; 2. וואס איז שייך צו א דיאַמעטער.

1. Their characters are **diametrical** opposites.

diamet'rically *adv.* (דאי-ע-מעט'-רי-קעל-אי) אין א דיאַמעטראַלער ריכטונג, אין א פונקט געגענגעזעצטער ריכטונג; פונקט להיפוך; אויף דעם אופן פון א דיאַמעטער.

di'amond *n., a. and v.* (דאי'-ע-מאַנד) א דימענט; א געאָמעטרישע פיגור פון פיער גלייכע זייטען מיט צוויי שפּיציגע ווינקלען און צוויי שטומפּפע [א פיגור וואס האט די פאָרם פון א קיכעל]; דער פּיערעקיגער צייכען קאָרע אדער שערל אויף שפּיעל=קאָרטען; א קאָרט קאָרע אדער שערל; דער פּיערקאַנטיגער פּלאַץ וואס איז איינגעשלאָסען פון די פּיער באַזיסען אין בייס=באָל=שפּיעל; די קלענסטע דרוק= שריפט וואס ווערט געברויכט; וואס איז שייך צו דימענט; בעזעצט מיט דימענ= טען; בעזעצען אדער בעפּוצען מיט די= מענטען.

di'amond-bee'tle *n.* (דאי'-ע-מאַנד-ביעטל) דער דימענט=זשוק [אזא גלאַנצי= גער גרויסער זשוק אין זיד=אַמעריקא].

Diamond-beetle

di'amond-brea'ker *n.* (דאי'-ע-מאַנד-בריי'-קער) אזא אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צום צושטויסען דימענטען, אז זיי זאָלען דערביי ניט צושפּריצען.

di'amond cuts di'amond (דאי'-ע-מאַנד קאַטס דאי'-ע-מאַנד) וואס פאַר א הונד אזא שטעקען; א גנב כאַפּט א גנב.

di'amond-cut'ter *n.* (דאי'-ע-מאַנד-קאַט'-ער) א דימענט=שלייפער.

di'amond-cut'ting *n.* (דאי'-ע-מאַנד-קאַט'-אינג) דימענט=שלייפעריי.

di'amond drill (דאי'-ע-מאַנד דריל) א דריל אדער בויערער וואס זיין שפּיץ האט די פאָרם פון א געשליפענעם דימענט.

di'amond-dust *n.* (דאי'-ע-מאַנד-דאַסט) דימענט=פּולווער.

di'amonded *a.* (דאי'-א-מאַנ-דעד) בעי= פּוצט אדער אויסגעזעצט מיט דימענטען.

di'amond-let'ters *n.* (דאי'-ע-מאַנד-לעט'-ערז) דימענט=שריפט [זעהר קליינע דרוק=שריפט].

This is an example of **diamond-letters.**

di'amond-mor'tar *n.* (דאי'-ע-מאַנד-מאָר'-טאַר) א האַרטער שטאָהל צום צו= שטויסען דימענט אין פּולווער.

di'amond-plate *n.* (דאי'-ע-מאַנד-פּלייט) א שטאָהל=פּלאַטע ביי גראַווירער, אויף וועלכער עס ווערט פערמישט די= מענט=שטויב מיט אויל אבצורייבען די פּלעכע פון אן עדעלשטיין וואס דאַרף גראַ= ווירט ווערען.

di'amond-point *n.* (דאי'-ע-מאַנד-פּאָינט) א האַלץ אדער מעטאַל=הענטעל, אין וועלכען עס איז אין איין ענד אריינגעזעצט א שטיקעל דימענט און וועלכער ווערט בענוצט צום שניידען גלאָז.

di'amond-set'ter *n.* (דאי'-ע-מאַנד-סעט'-ער) א דימענט=איינפאַסער [איינער וואס פאַסט איין דימענטען אדער אנדערע עדעלשטיינער אין רינגען און אנדערע ציערונג].

di'amond-shaped *a.* (דאי'-ע-מאַנד-שייפּט) וואס האט די פאָרם פון א דימענט.

di'amond-snake *n.* (דאי'-ע-מאַנד-סנייק) אזא גרויסע שלאַנג אין אויסטראַ= ליע; אזא גיפטיגע שלאַנג אין טאַסמאַ= ניע.

di'amond wed'ding (דאי'-ע-מאַנד הוועד'-אינג) די דימענט=האָכצייט [75 יאָהר נאָך דער חתונה].

Dian'a *n.* (דאי-ען'-א) דיאַנא, די געט= טין פון דער לבנה, די בעשי= רוימישע געטין פון געיעג און וועלדער; די איי= ביגע בתולה און אין דערזעלבער צייט די בעשיצערין פון קינפּעטאָרינס [ווערט פאָר= געשטעלט מיט א פייל=און=בויגען אין האַנד און מיט א האַלבער לבנה אויף׳ן קאָפּ].

dian'a mon'key (דאי-ען'-א מאַנ'-קי) א גרויסע אפריקאַנישע אַפּע מיט ווייסע באַקענבאַרדען אין דער פאָרם פון האַלבע לבנות [רופט זיך נאָך דעם נאָמען פון דער געטין דיאַנא, וועלכער מען שטעלט פאַר מיט א האַלבער לבנה אויף׳ן קאָפּ].

Diana Monkey

Dian'dria *n.* (דאי-ען'-דרי-א) דער מין פּלאַנצען וואס זייערע בליהונגען האבען צוויי שטויב=פעדעם.

dianoet'ic *a. and n.* (דאי-נא-עט'-איק) לאָגיש, שכל'דיג, דענקענדיג; דער טייל פון לאָגיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט די געזעצע פון דענקען.

Dian'thus *n.* (דאי-ען'-טהאס) די נעלי-קען-פלאנצע, [נעגעלעך-בלומען].

Dianthus

diapa'son *n.* (דאי-ע-פיי'-זאן) דער אומפאנג [ד. ה. די גאנצע גרויס און הויכ-קייט] פון א שטימע אדער פון דעם טאן פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט; די אקטאווע [אין מוזיק]; א קאמער-טאן [א שטים-גאפעל].

diapen'te *n.* (דאי-ע-פענ'-טי) א קווינטע [די פינפטע נאטע אין דער מוזיק].

di'aper *n. and v.* (דאי'-ע-פער) א קינ-דער-ווינדעלע; א ווינדעל; געבלימטע אדער געמוסטערטע לייוונד; אויסמאלען אדער אויסוועבען מיט בלומען אדער מיט מוס-טערען.

di'apering *n.* (דאי'-ע-פער-אינג) 1. א געבלימטער מוסטער; 2. דאס איינוויקלען אין ווינדעלעך.

2. The nurse attended to the **diapering** of the baby.

di'aper-work *n.* (דאי'-ע-פער-הוואירק) בלומען-ארבייט, געבלימטע אדער געמוס-טערטע ארבייט אויף לייוונד, שטיינער א. ז. וו.



Diaper-work

diaphane'ity *n.* (דאי-ע-פע-ני'-אי-טי) דורכזיכטיגקייט.

diaphanom'eter *n.* (דאי-ע-פע-נאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דורכזיכטיגקייט פון דער לופט; אן אינ-סטרומענט צו פראבירען די ריינקייט פון ספיריטוס דורך מעסטען די דורכזיכטי-קייט.

diaph'anous *a.* (דאי-עפ'-ע-נאס) דורכזיכטיג.

diaph'anously *adv.* (דאי-עפ'-ע-נאס-לי) מיט דורכזיכטיגקייט; אויף א דורכ-זיכטיגען אופן; דורכזיכטיג.

diaph'anousness *n.* (דאי-עפ'-ע-נאס-נעס) דירכזיכטיגקייט.

diaphon'ic *a.* (דאי-ע פאנ' איק) ז. *diacoustic*.

diaphon'ical *a.* (דאי-ע-פאנ'-אי-קעל) ז. *diacoustic*.

diaphon'ics *n.* (דאי-ע-פאנ'-איקס) ז. *diacoustics*.

diaphore'sis *n.* (דאי-ע-פא-רי'-סיס) דאס שוויצען [הויפטזעכליך קינסטליך ארויסגערופען].

diaphoret'ic *n. and a.* (דאי-ע-פא-רעט'-איק) וואס ברייננט צום שוויצען; א מעדיצין וואס מאכט שוויצען.

diaphoret'ical *a.* (דאי-ע-פא-רעט'-אי-קעל) וואס ברייננט צום שוויצען, וואס ברייננט ארויס שוויים.

di'aphragm *n.* (דאי'-ע-פרעם) די צווערכפעל [די דיקע שיידע-הויט צווישען ברוסט-קאסטען און בויך]; א שיידוואנד, א צווישענוואנד; די מעמבראן פון א טע-לעפאן [דאס בלעכעל אין דעם טייל פון טעלעפאן, וועלכען מען האלט ביים אויער].



Diaphragm

diaphrag'mal *a.* (דאי-ע-פרעג'-מעל) וואס טיילט אב, וואס שיידעט אב איין חלק פון צווייטען [ווי די צווערכפעל טיילט אב דעם ברוסט-קאסטען פון בויך].

diaphragmal'gia *n.* (דאי-ע-פרעג-מעל'-דזשי-א) א שמערץ אין צווערכפעל [די דיקע הויט וואס טיילט אב דעם ברוסט-קאסטען פון בויך].

diaphragmal'gy *n.* (דאי-ע-פרעג-מעל'-דזשי) ז. *diaphragmalgia*.

diaphragmat'ic *a.* (דאי-ע-פרעג-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א שיידוואנד אדער צו דער צווערכפעל. ז. *diaphragm*.

diaphragmati'tis *n.* (דאי-ע-פרעג-מע-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון צווערכ-פעל [די דיקע הויט וואס טיילט אב דעם ברוסט-קאסטען פון בויך].

diaphragmodyn'ia *n.* (דאי-ע-פרעג-מא-דינ'-אי-א) ז. *diaphragmalgia*.

diapno'ic *n. and a.* (דאי-עפ-נאו'-איק) וואס רופט ארויס א לייכטען שוויים; א מעדיצין, וואס רופט ארויס א לייכטען שוויים.

diapnot'ic *a.* (דאי-עפ-נאט'-איק) וואס רופט ארויס א לייכטען שוויים [וועגען א מעדיצין].

diapore'sis *n.* (דאי-ע-פא-רי'-סיס) א פארמע אין רעדען, ווען דער רעדנער שטעלט פאר ווי ער וואלט זיין אין צוויי-פעל, וואס פאר א בעהויפטונג ער זאל מאכען, צ. ב.: זאל איך עס רופען א נא-רישקייט אדער א פערברעכען? איז דאס אונוויסענהייט אדער דעמאגאגיע? א. ד. ג.

di'archy *n.* (דאי'-אר-קי) א רעגירונג פון צוויי הערשער.

dia'rial *a.* (דאי-איי'-רי-על) ז. *diarian*.

dia'rian *a.* (דאי-איי'-רי-ען) וואס איז שייך צו א טאגעבוך.

di'arist *n.* (דאי'-ע-ריסט) א טאגעבוך-שרייבער.

di'arize *v.* (דאי'-ע-ראיז) פערשרייבען אין א טאגעבוך; פיהרען א טאגעבוך.

diarrhe'a *n.* (דאי-ע-רי'-א) דורכפאל [א לויזער מאגען], רוהר, שלשול.

diarrhe'al *a.* (דאי-ע-רי'-על) וואס איז שייך צו רוהר [שלשול] אדער צו א לויז-זען מאגען.

diarrhe'ic *a.* (דאי-ע-רי'-איק) ז. *diarrheal*.

diarrhet'ic *a.* (דאי-ע-רעט'-איק) ז. *diarrheal*.

diarrhœ'a *n.* (דאי-ע-רי'-א) ז. *diarrhea*.

diarrhœ'al *a.* (דאי-ע-רי'-על) ז. *diarrheal*.

diarrhœt'ic *a.* (דאי-ע-רעט'-איק) ז. *diarrheal*.

diarthro'sis *n.* (דאי-אר-טהראו'-סיס) א געלענק.

di'ary *n.* (דאי'-ע-רי) א טאגעבוך.

diascor'dium *n.* (דאי-ע-סקאהר'-די-אם) אזא סירופ, וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס מיטעל צו מאגען-קראנקהיי-טען.

dias'pora *n.* (דאי-עס'-פא-רא) דער אידישער גלות, די צושפרייטונג פון דעם אידישען פאלק צווישען די איבריגע פעל-קער.

di'astase *n.* (דאי'-ע-סטייס) א שטאף, וואס בילדעט זיך אין ווייץ, האבער און קארטאפעל בעת זיי לאזען ווארצלען און וואס פערוואנדעלט קראכמאל אין צוקער.

dias'tasis *n.* (דאי-עס'-טע-סיס) דאס פאנאנדערגרייסען צוויי ביינער-גלידער ניט צוברעכענדיג זיי; דאס אויסלינקען.

di'astem *n.* (דאי'-ע-סטעם) דער אינ-טערוואל [דער צייט-איבערגאנג] אין מו-זיק.

diaste'ma *n.* (דאי-ע-סטי'-מא) דער צווישענרוים צווישען צוויי צייהנער [אי-בערהויפט צווישען צוויי צייהנער פון פער-שיעדענע מינים]; דער אינטערוואל [צייט-איבערגאנג] אין מוזיק.

dias'tole *n.* (דאי-עס'-טא-לי) די פא-נאנדערציהונג פון דעם הארצען אדער פון די פולס-אדערען; די צווישענצייט צווישען דער פאנאנדערציהונג און דער צוזאמענצי-הונג פון דעם הארצען אדער פון די פולס-אדערען.

di'astyle *a.* (דאי'-ע-סטאיל) אין דער בוי-קונסט — וואס איז שייך צו דער קלאַ-סישער אויסשטעלונג פון זיילען אזוי, אז דער שטח צווישען איין זייל און צווייטען איז גלייך צום דרייפאכען דיאמעטער [גרעב] פון א זייל.

di'asyrm *n.* (דאי'-ע-סוירם) א רעדע-פארם, וואס דריקט אויס שפאט.

diather'mal *a.* (דאי-ע-טהויר'-מעל) וואס לאזט דורך זיך דורך היץ-שטראהלען.

diather'mance *n.* (דאי-ע-טהויר'-מענס) די פעהינקייט דורכצולאזען דורך זיך היץ-שטראהלען.

diather'mancy *n.* (דאי-ע-טהויר'-מענ-סי) ז. *diathermance*.

diathermane'ity *n.* (דאי-ע-טהויר-מע-ני'-אי-טי) ז. *diathermance*.

diather'manous *a.* (דאי-ע-טהויר'-מע-נאס) ז. *diathermal*.

diathermom'eter *n.* (דאי-ע-טהויר-
מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעס=
טען די פעהיגקייט פון א שטאף דורכצולא=
זען דורך זיך היץ=שטראהלען.

diather'mous *a.* (דאי-ע-טהויר'-מאס)
ז. *diathermal*

diath'esis *n.* (דאי-עטה'-ע-סים) אן אנ=
לאגע; אן אנלאגע צו א קראנקהייט; דאס
זיין עלול צו ווערען קראנק; דער צו=
שטאנד פון קערפער.

diathet'ic *a.* (דאי-ע-טהעט'-איק) וואס
איז שייך צו אדער וואס קומט פון אן אנ=
לאגע אדער צושטאנד פון קערפער [ווע=
גען קראנקהייטען]; וואס הענגט אב פון
דעם צושטאנד פון קערפער.

diathet'ically *adv.* (דאי-ע-טהעט'-אי-
קעל-אי) אויף אן אופן וואס איז אבהענ=
גיג פון דעם צושטאנד פון קערפער אדער
פון זיין אנלאגע [צו קראנקהייטען].

di'atom *n.* (דאי'-ע-טאם) א דיאטאמעע
[אזא איין=צעליגע מיקראסקאפישע וואַ=
סער=פלאנצע]. ז. *Diatomaceæ*

Diat'oma *n.* (דאי-עט'-א-מא) א מין
דיאטאמען [איין=צעליגע מיקראסקאפישע
וואסער=פלאנצען], וואס זיינען פערבונדען
אזוי, אז זיי בילדען זיגזאגען.
ז. *Diatomaceæ*

Diatoma'ceæ *n.* (דאי-ע-טא-מיי'-סי-
אי) א מין איין=צעליגע מיקראסקאפישע
וואסער=פלא צען [זיי געפינען זיך אין
אלע וועלט=טיילען אויף'ן גרונד פון די
ימים און טייכען. זיי בינדען זיך צוזא=
מען אין שנירלעך, וועלכע בילדען פער=
שיעדענע פאנטאסטישע פיגורען].

diatom'ic *a.* (דאי-ע-טאמ'-איק) אין כע=
מיע — וואס בעשטעהט פון צוויי אטאמען.

diaton'ic *a.* (דאי-ע-טאנ'-איק) דיאטא=
ניש, האלטענדיג זיך אן דעם געוועהנלי=
כען טאנלייטער, בענוצענדיג בלויז גאנצע
טענער [אין מוזיק].

diaton'ically *adv.* (דאי-ע-טאנ'-אי-
קעל-אי) דורך דעם געברויך פון גאנצע
טענער [פון דעם געוועהנליכען טאנליי=
טער].

diaton'ic mel'ody (דאי-ע-טאנ'-איק
מעל'-א-די) א מאטיוו, וואס בעשטעהט
פון די טענער פון דעם געוועהנליכען טאנ=
לייטער, אין וועלכען עס קומען ניט אריין
קיין האלבע טענער.

diaton'ic scale (דאי-ע-טאנ'-איק
סקייל) א געוועהנליכער טאנלייטער [פון
גאנצע טענער].

diat'onous *a.* (דאי-עט'-א-נאס) וואס
ציהט זיך פון פארענט נאך הינטען; וואס
זעהט זיך ארוים פון ביידע זייטען.

di'atribe *n.* (דאי'-ע-טראיב) אן אויס=
פיהרליכע אבהאנדלונג; א ביטערע קרי=
טיק; שימפפעריי.

di'atribist *n.* (דאי'-ע-טראי-ביסט) איי=
נער וואס שרייבט אויספיהרליכע אבהאנד=
לונגען; איינער וואס פאלט אן, קריטי=
קירט בייז אדער שימפפט.

dib *v.* *and* *n.* (דיב) לייכט אריינלא=
זען א ווענטקע אין וואסער; אן אויס=
הוילונג, א פערטיעפונג אין דער ערד;
דאס אריינלאזען לייכט די ווענטקע אין
וואסער.

dib'ber *n.* (דיב'-ער) א פלאנץ=שטאק
[אזא געצייג וואס ווערט געברויכט צו
מאכען לעכער אין דער ערד, וואו מען פער=
זייהט אדער פערפלאנצט עפעס]; א גע=
צייג וואס ווערט געברויכט אין די שאכ=
טען צו מאכען לעכער.

dib'ble *n.* *and* *v.* (דיבל) א פלאנץ=
שטאק [א געצייג וואס ווערט געברויכט
צו מאכען לעכער אין דער ערד, וואו מען
פערזייהט אדער מען פערפלאנצט עפעס];
פערפלאנצען אדער פערזייהען מיט דער
הילף פון א פלאנץ=שטאק; לייכט ארייג=
לאזען די ווענטקע אין וואסער [ביי פיש=
פאנג].

dib'bler *n.* (דיב'-לער) איינער אדער
עטוואס וואס מאכט אין דער ערד לעכער
צו פערזייהען אדער פערפלאנצען עפעס.

dibs *n.* (דיבז) א שפיעל אין צייכענס,
א קינדער=שפיעל, וואס בעשטעהט אין דעם,
וואס מען ווארפט קליינע ביינדלעך פון
שעפסענע פיסלעך אדער שטיינדלעך און
מען כאפט זיי אויף פריהער אויף איין
זייט פון דער האנד [אויף דער דלאניע]
און נאכדעם אויף דער צווייטער; א סי=
רופ פון וויינטרויבען=זאפט אדער פון
טייטלען=זאפט.

dib'stone *n.* (דיב'-סטאון) א ביינדעל
אדער שטיינדעל אין דעם קינדערשען צײ=
כען=שפיעל; דער צייכען=שפיעל. ז. *dibs*

dica'cious *a.* (די-קיי'-שאס) סאטיריש,
בייסענד, פעפערדיג.

di'cast *n.* (דאי'-קעסט) אין אלט=גרי=
כענלאנד — איינער פון די 6000 בירגער,
וועלכע מען פלעגט לויט'ן גורל אויסקלײ=
בען יעדען יאהר אלס פאלקס=ריכטער [אין
דער שטאדט אטהען].

dice *n.* *and* *v.* (דאים) ווירפלעך אדער
די ביינדלעך פון ווירפעל=שפיעל; דאס
ווירפעל=שפיעל; שפיעלען אין ווירפלעך;
פאנאנדערשניידען אין קוביקעס אדער
קוואדראטען; צונעהען געשטריקטע אדער
אויסגענעהטע צייג צו די פאלעס פון א
קלייד אדער מאנטעל; בעציערען מיט גע=
שטריקטע אדער אויסגענעהטע צייג.

dice'-box *n.* (דאים'-באקס) דער וויר=
פעל=בעכער [אזא צילינדריש קעסטעלע,
פון וועלכען מען ווארפט ארוים די שפיעל=
ווירפעל ביים שפיעלען]; דער איזאלאטאר
[איינע פון די גלעזערנע אדער פארצעליי=
ענע קעפלעך, צו וועלכע מען פעסטיגט צו
די טעלעגראפען=דראטען, וואס ציהען זיך
איבער די סלופעס].

Dicen'tra *n.* (דאי-סענ'-טרא) א מין ניד=
ריגע צארטע און לאנג=לעבענדע גראזען.
ביי וועלכע די בליהונג הענגט אראב אין
דער פארם פון רויטליכע אדער געלבע
הערצלעך.



Dicentra

diceph'alous *a.* (דאי-סעפ'-ע-לאס)
צוויי=קעפיג, וואס האט צוויי קעפ אויף
איין קערפער.

dice'-play'er *n.* (דאים'-פליי'-ער) איי=
נער וואס שפיעלט אין ווירפלעך אדער
ביינדלעך.

dichlamyd'eous *a.* (דאי-קלע-מיד'-
אי-אס) אין באטאניק—וואס האט א צוויי=
ענדיג בלומען=שיידעל [א פלאנצע, ביי
וועלכער דער געשלעכטס=ארגאן בעשטעהט
פון א בלומען=שיידעל, וואס ענטהאלט אין
זיך אי דאס גרינע בעכערעל אי דאס
רויטע קריינדעל פון דער בלום].

dichlo'rid *n.* (דאי-קלאו'-ריד) דאפעל=
כלאר=זאלץ.

dichot'omize *v.* (דאי-קאט'-א-מאיז)
צושניידען אדער פאנאנדערטיילען אין
צווייען; צוטיילען פארוויז; איינגעטיילט
ווערען פארוויז.

dichot'omous *a.* (דאי-קאט'-א-מאס)
וואס איז שייך צו א פאר, וואס בעשטעהט
פון א פאר; צוטיילט אין צווייען.

dichot'omously *adv.* (דאי-קאט'-א-
מאס-לי) דורך צוטיילען פארוויז.

dichot'omy *n.* (דאי-קאט'-א-מי) דאס
צושניידען אין צוויי; דאס פאנאנדערטיי=
לען פארוויז; אין
לאגיק — די צוטיי=
לונג פון א קלאס
אין צוויי אונטער=
קלאסען, וואס איי=
נער איז דער היפוך
פון צווייטען [ווי
למשל, אלע מענשען
קענען ווערען צו=
טיילט אויף צוויי
טיילען: שעהנע און
ניט שעהנע]; דער
צושטאנד פון דער
לבנה ווען זי ווייזט זיך ארוים נור א האל=
בע; די צווייגונג פון פלאנצען, וועלכע
בילדען זיך אוים אין דער פארם פון גאפ=
לען [ז. איל.].

Dichotomy

di'chroism *n.* (דאי'-קרא-איזם) דיכרא=
איזם [די אייגענשאפט פון געוויסע מי=
נעראלען ארויסצואווייזען פערשיעדענע קא=
לירען, ווען מען האלט זיי פאר'ן אויג אין
פערשיעדענע ריכטונגען].

dichromat'ic *a.* (דאי-קרא-מעט'-איק)
וואס האט צוויי קאלירען.

dichro'matism *n.* (דאי-קראו'-מע-
טיזם) דאס האבען אדער ארויסווייזען זיך
אין צוויי בעזונדערע קאלירען.

dichro'mic *a.* (דאי-קראו'-מיק) וואס
זעהט נור צוויי קאלירען; וואס איז שייך
צו צוויי קאלירען.

di'chroscope *n.* (דאי'-קרא-סקאופ) אן
אינסטרומענט צו מעסטען אדער פרובירען
דאס דיכראאיזם פון קריסטאלען.
ז. *dichroism*

di'cing *n.* (דאי'-סינג) דאס שפיעלען אין
ביינדלעך.

di'cing-house *n.* (דאי'-סינג-האוס)
דאס שפיעל=הויז [א פלאץ וואו מען
שפיעלט אויף געלד אין קארטען, אין
ביינדלעך א. ד. ג.].

dick'ens *n.* (דיק'-ענס) טייוועל!

dick'er *n.* (דיק'-ער) קליין=האנדעל דורך
אויפקויפען מציאות און בייטען סחורות
אויף סחורות.

dick'ey *n.* (דיק'-אי) א לעדערנער פאר=
טוך; א קינדערש גאווער=פארטוכעל; א
מאנישקע; דער פלאץ אין א קארעטע,
וואו עס זיצט דער לאקיי אדער אן אנדער
דיענער.

dick'y *n.* (דיק'-אי) א לעדערנער פארטוך; קינדעריש גאווער=פארטוכעל; א מאנישקע; דער פלאץ אין א קארעטע, וואו עס זיצט דער לאקיי אדער אן אנדער דיענער.

dick'y-bird *n.* (דיק'-אי-בוירד) א קליין פויגעלע.

di'clinate *a.* (דאי'-קלי-נייט) ז. *diclinic*

diclin'ic *a.* (דאי-קלינ'-איק) וואס צוויי פון די זיך שניידענדע אקסען זיינען שרעג [וועגען געוויסע קריסטאלען].

di'clinous *a.* (דאי'-קלי-נאס) מיט אבגעטיילטע געשלעכטס=ארגאנען [וועגען פלאנצען וואס דער מענליכער ארגאן און דער ווייבליכער געפינען זיך ניט אין איין בלום]; וואס צוויי פון די זיך שניידענדע אקסען זיינען שרעג [וועגען געוויסע קריסטאלען].

dicoc'cous *a.* (דאי-קאק'-אס) צוויי=קערניג [וועגען פרוכט וואס האבען דאפעלטע זאמען=קערענדלעך].

dicotyle'don *n.* (דאי-קאט-אי-לי'-דאן) א פלאנצע וואס האט צוויי זאמען=הילזען.

dicotyle'donous *a.* (דאי-קאט-אי-לי'-דאנ-אס) וואס האט צוויי זאמען=הילזען [וועגען געוויסע פלאנצען].


Dicotyledonous Plant

dicrot'ic *a.* (דאי-קראט'-איק) וואס שלאגט דאפעלט [וועגען דעם פולס, ווען ער שלאגט צוויי מאל אין דער צייט ווען דאס הארץ שלאגט איין מאל].

dic'rotism *n.* (דיק'-רא-טיזם) דאס שלאגען דאפעלט [וועגען פולס]. ז. *dicrotic*

dic'rotous *a.* (דיק'-רא-טאס) ז. *dicrotic*

dic'tate *n. and v.* (דיק'-טייט) 1. דיקטירען, זאגען וואס צו שרייבען; זאגען וואס צו טהאן; 2. בעפעהלען; פארשלאגען; א פארשלאג; א בעפעהל.
1. He dictated a letter. 2. Don't dictate to me how to do it.

dicta'tion *n.* (דיק-טיי'-שאן) דאס דיקטירען. ז. *dictate*

dicta'tor *n.* (דיק-טיי'-טאר) א דיקטאטאר, אן אונבעשרענקטער הערשער אדער בעפעהל=האבער.

dictato'rial *a.* (דיק-טיי-טאו'-רי-על) דיקטאטאריש, אונבעשרענקט אין מאכט, בעפעהלעריש; וואס איז שייך צו א דיקטאטאר; דאגמאטיש, ווי פארגעשריבען, ווי געהייסען.

dictato'rially *adv.* (דיק-טיי-טאו'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון א דיקטאטאר; לויט דער דאגמא, לויט ווי פארגעשריבען, לויט בעפעהל.

dictato'rialness *n.* (דיק-טיי-טאו'-רי-על-נעס) דאס זיין דיקטאטאריש.

dicta'torship *n.* (דיק-טיי'-טאר-שיפ) דער אמט פון א דיקטאטאר אדער אונבעשרענקטען בעפעהלס=האבער.

dicta'tress *n.* (דיק-טיי'-טרעס) א דיקטאטארין, אן אונבעשרענקטע בעפעהלס=האבערין.

dicta'trix *n.* (דיק-טיי' טריקס) ז. *dictatress*

dic'tion *n.* (דיק'-שאן) די דיקציע, דער אויסדרוק, דער סטיל פון ריידען.

dictiona'rian *n.* (דיק-שא-ניי'-רי-ען) א פערפאסער פון א ווערטערבוך.

dic'tionary *n. and a.* (דיק'-שאנ-איי-רי) א ווערטערבוך; וואס איז שייך צו א ווערטערבוך.

dic'tum *n.* (דיק'-טאם) אן אויסשפרוך, א מיינונג, א בעהויפטונג; א שפריכווארט; א מיינונג פון א ריכטער וועגען א פונקט וועלכער איז ניט דער עיקר פון דער פראגע וואס ווערט פערהאנדעלט און האט ניט צו טהאן מיט דער ענדגילטיגער ענטשיידונג; א מיינונג פון א ריכטער, וואס איז אבער דאך ניט קיין אורטייל.

did (דיד) געטהאן. ז. *do*

didac'tic *n. and a.* (די-דעק'-טיק) בעלעהרענד; אן אבהאנדלונג וועגען בילדונג אדער ערציהונג.

didac'tical *a.* (די-דעק'-טי-קעל) בעלעהרענד.

didac'tically *adv.* (די-דעק'-טי-קעל-אי) אויף א בעלעהרענדען אופן.

didacti'cian *n.* (דיד-עק-טיש'-ען) איינער וואס אונטעררריכטעט, איינער וואס בעלעהרט; איינער וועלכער שרייבט בעלעהרענד.

didac'ticism *n.* (די-דעק'-טי-סיזם) דאס זיין בעלעהרענד; דאס בעלעהרען.

didac'tics *n.* (די-דעק'-טיקס) די קונסט פון אונטעררריכט און ערציהונג.

didac'tyl *n. and a.* (דאי-דעק'-טיל) וואס האט צוויי פינגער; וואס האט צוויי פוס=פינגער; א חיה וועלכע האט נור צוויי פינגער אין א פוס.

didac'tyle *n. and a.* (דאי-דעק'-טיל) ז. *didactyl*

didac'tylous *a.* (דאי-דעק'-טי-לאס) וואס האט צוויי פינגער; וואס האט צוויי פוס=פינגער.

did'apper *n.* (דיד'-עפ-ער) דער טויכער [אזא פויגעל וואס האט די געוואהנהייט זיך צו טוקען אין וואסער].

didas'calar *a.* (די-דעס'-קע-לאר) בעלעהרענד.

didascal'ic *a.* (די-דעס-קעל'-איק) ז. *didascalar*

did'der *v.* (דיד'-ער) שוידערען, ציטערען [פון קעלט].

did'dle *v.* (דידל) זיך וואקלען [ווי א קינד געהט]; אבנארען, בעשווינדלען.

did'dler *n.* (דיד'-לער) א שווינדלער.

Didel'phia *n.* (דאי-דעל'-פי-א) א מין קריינע חיות וואס די נקבות פון זיי האבען צוויי מוטער=לייבער.

didel'phian *a.* (דאי-דעל'-פי-ען) וואס איז שייך צו די חיות וואס די נקבות פון זיי האבען צוויי מוטער=לייבער.

didel'phic *a.* (דאי-דעל'-פיק) ז. *didelphian*

didel'phoid *a.* (דאי-דעל'-פאיד) דאפעלט [וועגען די מוטער=לייבער פון געוויסע חיות]. ז. *Didelphia*

didel'phys *n.* (דאי-דעל'-פיס) א ראץ מיט צוויי מוטער=לייבער.

didn't (דידנט) אן אבקירצונג פון *did not* [ניט געטהאן].

di'do *n.* (דאי'-דאו) א שטוקע, א שפיצעל.

didst (דידסט) דו האסט געטהאן. ז. *do*

did'ymous *a.* (דיד'-אי-מאס) וואס וואקסט פארווייז אדער אין צווילינגס.

Didyna'mia *n.* (דיד-אי-ניי'-מי-א) דער מין פלאנצען וואס האבען צוויי לענגערע און צוויי קירצערע שטויב=פעדעם.

didyna'mian *a.* (דיד-אי-ניי'-מי-ען) ז. *didynamous*

didynam'ic *a.* (דיד-אי-נעמ'-איק) ז. *didynamous*

didyn'amous *a.* (דאי-דינ'-ע-מאס) אין צוויי אונגלייכע פארען [וועגען פלאנצען וועלכע האבען צוויי אונגלייכע פאר שטויב=פעדעם].

die *n. and v.* (דאי) שטארבען; פערדארען; פערוועלקען; אומקומען; אויסגעהן; א ווערפעל [צום שפיעלען]; דאס גליק, דער מזל; א מינץ=שטעמפעל; א שטעמפעל צום אויסדריקען געגענשטענדע, מאשינען=טיילען, געצייג א. ד. ג. פון מעטאל; א געצייג צום שניידען גווינטען פאר א שרויב; שטעמפלען, אויסדריקען מיט א שטעמפעל.

die away' (דאי ע-הוויי') אבשטארבען; אויסגעהן; זיך שמעלצען פון נחת.

die'-away' *a.* (דאי'-ע-הוויי') אויסגעהענדיג; זיך שמעלצענדיג [פאר נחת].

dieb *n.* (דיעב) אזא ווילדער הונד [געפינט זיך אין נארד אפריקא].

die'-back *n.* (דאי'-בעק) אזא קראנקהייט פון בוימער, פון וועלכער זייערע שפיצען דארען אב.

die by the sword (דאי באי טהי סאורד) פאלען אין מלחמה.

die'dral *a.* (דאי-אי'-דרעל) ז. *dihedral*

die game (דאי גיים) שטארבען ווי א העלד; זיך ניט אונטערגעבען ביז צו לעצט.

diege'sis *n.* (דאי-אי-דזשיע'-סיס) דער טייל פון א רעדע, וואו עס ווערען איבערגעגעבען די פאקטען.

die hard (דאי הארד) שטארבען ווי א העלד; זיך ניט אונטערגעבען ביז צו לעצט; זיך לאנג מאטערען מיט'ן טויט, האבען א לאנגע גסיסה, האבען א שווערען טויט.

die in har'ness (דאי אין האר'-נעס) פאלען אין די האלאבלעס [שטארבען ביי דער ארבייט].

die in one's shoes (דאי אין הוואנז שוהז) שטארבען אויף דער תליה.

die in the last ditch (דאי אין טהי לעסט דיטש) קעמפפען ביז צום לעצטען אטהעם=צוג.

die is cast (דאי איז קעסט) דער גורל איז געווארפען, דער שיקזאל איז בעשלאסען.

dielec'tric *n. and a.* (דאי-אי-לעק'-טריק) דיעלעקטריש, וואס לאזט ניט דורך קיין עלעקטריציטעט [וועגען שטאפען וואס לאזען ניט דורך קיין עלעקטריציטעט אויסער דורך אינדוקציאן]; א שטאף וואס לאזט ניט דורך קיין עלעקטריציטעט אויסער דורך אינדוקציאן [ווי גלאז, טרוקענע ריינע לופט א. ד. ג.].

Di'el's but'ter pear (דאי'-עלז באט'-ער פעהר) אזא מין ווייכע בארנע וועלכע ווערט קולטיווירט אין אמעריקא. ז. איל. *"Cultivated Fruits"*

Dieme'nia *n.* (די-מי'-ני-א) א מין גיפטיגע שלאנגען.

die off (דאי אף) גיך אויסשטארבען.

die out (דאי אוט) אויסגעהן [פון די כוחות]; אבשטארבען.

di'er *n.* (דאי'-ער) איינער וואס האלט ביים שטארבען.

dier'esis *n.* (דאי-ער'-ע-סיס) ז. *diæresis*

die'-sink'er *n.* (דאי'-סינק'-ער) איינער וואס גראווירט מעטאלענע שטעמפלען.

di'esis *n.* (דאי'-ע-סיס) א צייכען אין מוזיק, וואס ווייזט, אז א טאן דארף געהעכערט ווערען אויף א דריטעל אדער א פיערטעל טאן; אין דרוקעריי דער צייכען ‡.

die'-stock *n.* (דאי'-סטאק) א גווינט=

שניידער, א שניידזעג [א אינסטרומענט צו מאכען שרויבען (גווינטען)].

Die-stock

di'et *n.* and *v.* (דאי'–עט) נאהרונג; קעסט; דיעטע [בעשטימטע נאהרונג, א בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט; בעשטימען א נאהרונגס־סיסטעם; זיך שפייזען לויט א בעשטימטער דיעטע; עסען; זיך שפייזען.

dieta'rian *n.* and *a.* (דאי–אי–טער'–רי–ען) איינער וואס האלט זיך אן א געוויסער דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; דער דיעטעטיקער [איינער וואס רעכנט, אז דאס רעגולירען פון דער נאהרונג איז זעהר וויכטיג פאר'ן געזונד]; וואס איז שייך צו א דיעטע; וואס איז שייך צו א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

di'etaries *n.* (דאי'–ע–טע–ריז) כללים פון א דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; א נאהרונגס־סיסטעם.

di'etary *a.* (דאי'–ע–טע–רי) 1. וואס איז שייך צו א דיעטע [בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם]; 2. וואס איז שייך צו א זיצונג פון א געזעצגעבענדער, אדמיניסטראטיווער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

1. The doctor gave detailed **dietary** directions for the patients.

Di'etary Laws (דאי'–ע–טע–רי לאָהז) דינים וועגען כשרות.

In our house the **Dietary Laws** are observed strictly.

di'et-bread *n.* (דאי'–עט–ברעד) פיין ברויט וואס מען געברויכט געוועהנליך פאר קראנקע.

di'et-drink *n.* (דאי'–עט–דרינק) געטרענק, וועלכע ענטהאלטען מעדיצינען.

di'eter *n.* (דאי'–ע–טער) איינער, וואס שפייזט זיך נאך א בעשטימטער דיעטע [נאהרונגס־סיסטעם]; איינער, וואס בעשטימט א דיעטע אדער גרייט צו שפייז לויט א בעשטימטער דיעטע.

dietet'ic *a.* (דאי–אי–טעט'–איק) וואס איז שייך צו א דיעטע [נאהרונגס־סיסטעם], הויפּטזעכליך צו א דיעטע בעשטימט פון א דאקטאר.

dietet'ical *a.* (דאי–אי–טעט'–אי–קעל) ז. *dietetic*.

dietet'ically *adv.* (דאי–אי–טעט'–אי–קעל–אי) דורך א דיעטע [א בעשטימטע נאהרונגס־סיסטעם].

dietet'ics *n.* (דאי–אי–טעט'–איקס) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט, וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעגולירונג פון נאהרונג.

dietet'ist *n.* (דאי–אי–טעט'–איסט) איינער וואס לעגט פיעל געוויכט אויף דער נאהרונגס־סיסטעם [הויפּטזעכליך וועגען א מעדיציגער].

die the death (דאי טהי דעטה) שטארבען אויף זיכער.

diet'ic *a.* (דאי–עט'–איק) וואס האט א שייכות מיט דער נאהרונגס־סיסטעם [וועגען קראנקהייטען].

diet'ical *a.* (דאי–עט'–אי–קעל) ז. *dietic*.

di'etine *n.* (דאי'–ע–טין) א ראיאן־צוזאמענפאהר. ז. *diet*.

di'eting *n.* (דאי'–ע–טינג) דאס שפייזען, דאס נאהרען זיך; דאס שפייזען אדער נאהרען לויט א בעשטימטער דיעטע [נאהרונגס־סיסטעם].

di'etist *n.* (דאי'–ע–טיסט) איינער וואס גיט זיך אב מיט'ן שטודיום וועגען דער ווירקונג פון נאהרונג.

di'et-kitch'en *n.* (דאי'–עט–קיטש'–ען) אן אנשטאלט [געוועהנליך אונטער דער אויפזיכט פון א האספיטאל] פאר צוגרייטען און פאנאנדערטיילען פאסיגע שפייזען פאר ארימע קראנקע.

die with shame (דאי וויטה שיים) אויסגעהן פון בושה, שטארבען פאר שאנדע.

dif'fer *v.* (דיפ'–ער) זיך אונטערשיידען; זיין פערשיעדען; ניט איבעראיינשטימען; בעשטרייטען, קומען אין צוזאמענשטויס.

dif'ference *n.* and *v.* (דיפ'–ע–רענס) פערשיעדענהייט; אונטערשיעד; דאס זיין ניט איבעראיינשטימיג; שטרייט, שטרייטיגקייט, מחלוקה; דער שטרייט־פונקט; די שטרייט־אורזאכע; די צאהל, וואס מען קריעגט, ווען מען נעהמט אראב איין צאהל פון א צווייטער [ביי חסור]; דיפערענץ [אין דיפערענציאל־רעכנונג — דער צואוואוקס פון א גרעסע, וועלכע איז אבהענגיג פון א צווייטער, פערענדערליכער גרעסע, ווען דיזע צווייטע ווערט פערגרעסערט מיט אן איינהייט. ז. *differential*]; אין לאגיק — דאס כאראקטעריסטישע, דאס אייגענטימליכע, וואס אונטערשיידעט די גאטונג פון דעם מין [ז. *differentia*]; אויף דער בערזע — דער אונטערשיעד צווישען דעם פרייז פון ווערטה־פּאפּיערען, ווען זיי ווערען פערקויפט, און זייער פרייז, ווען זיי ווערען אבגעליפערט; מאכען פערשיעדען; אונטערשיידען.

dif'ferent *a.* (דיפ'–ע–רענט) פערשיעדען, בעזונדער, אנדערש; אייניגע, פיעלע.

differen'tia *n.* (דיפ–ע–רענ'–שי–א) אין לאגיק — דאס כאראקטעריסטישע אדער דאס אייגענטימליכע וואס אונטערשיידעט די גאטונג פון דעם מין [ווי למשל, די שווארצע הויט וואס אונטערשיידעט די גאטונג "נעגערס" פון דעם מין "מענשען"].

differen'tiable *a.* (דיפ–ע–רענ'–שי–עבל) וואס קען אונטערשיידעט ווערען.

differen'tial *n.* and *a.* (דיפ–ע–רענ'–שעל) וואס צייגט אדער מאכט אן אונטערשיעד; וואס צייכענט אויס; בעזונדער, ספעציעל; וואס איז שייך צו דעם אונטערשיעד פון צוויי צאהלען, ווען איינע ווערט ארונטערגענומען פון דער צווייטער [אין חסור]; אין דיפערענציאל־רעכנונג — וואס איז שייך צו א דיפערענציאל; א דיפערענציאל, אן אונענדליך קליינער אונטערשיעד צווישען צוויי ווערטהען פון א פערענדערליכער [וואריאבלער] גרעסע אדער קוואנטיטעט [ווען צוויי אדער מעהרערע קוואנטיטעטען אדער גרעסען זיינען אבהענגיג איינע פון דער אנדערער און שטעהען אין אזא שייכות, אז ווען עס ענדערט זיך דער ווערטה פון איינער, ענדערט זיך אין א געוויסער פּראפּארציע אויך דער ווערטה פון דער צווייטער אויף אזא אופן, אז דער אונטערשיעד צווישען זיי ווערט אלץ קלענער און קלענער און דערנעהנטערט זיך צו נול — דאן איז דיעזער אונענדליך קליינער אונטערשיעד, וואס איז נאהנט צו נול אבער דאך ניט גלייך נול, א דיפערענציאל].

differen'tial cal'culus (דיפ–ע–רענ'–שעל קעל'–קיו–לאס) דיפערענציאל־רעכנונג [דער טייל אין מאטעמאטיק, וואס פערנעהמט זיך מיט דיפערענציאל־פונקציאנען, ד. ה. מיט די בעציהונגען פון פערענדערליכע גרעסען אדער קוואנטיטעטען איינע צו דער אנדערער און זייער אבהענגיגקייט איינע פון דער אנדערער].

differen'tial coeffi'cient (דיפ–ע–רענ'–שעל קאו–ע–פיש'–ענט) דער דיפערענציאל קאעפיציענט [אין דיפערענציאל־רעכנונג — דאס פערהעלטניס פון דעם צואוואוקס פון א גרעסע, וועלכע איז אבהענגיג פון א צווייטער פערענדערליכער גרעסע, ווען דיזע צווייטע ענדערט זיך אום עפעס].

differen'tial du'ty (דיפ–ע–רענ'–שעל דיו'–טי) ז. *discriminating duty*.

differen'tial equa'tion (דיפ–ע–רענ'–שעל אי–קהוויי'–שאן) א דיפערענציאל־גלייכונג [א מאטעמאטישע גלייכונג, וועלכע דריקט אויס א בעציהונג צווישען די אונענדליך קליינע דיפערענצען פון פערענדערליכע גרעסען אדער קוואנטיטעטען, וועלכע זיינען אבהענגיג איינע פון דער אנדערער].

differen'tial gear (דיפ–ע–רענ'–שעל גיער) א קאמבינאציאן פון צאהן־רעדער פון פערשיעדענער גרויס אדער פון פערשיעדענער צאהל צייהנער, דורך וועלכע עס ווערען ערהאלטען בעוועגונגען פון פערשיעדענע געשווינדיגקייטען.

differen'tially *adv.* (דיפ–ע–רענ'–שעל–אי) דורך אונטערשיידונגען; אבטיילענדיג בעזונדער; דורך דיפערענציאציאן, דורך דיפערענציאל־רעכנונג. ז. *differentiation*.

differen'tial mo'tion (דיפ–ע–רענ'–שעל מאו'–שאן) דיפערענציאלע בעוועגונג [א בעוועגונג, וואו איין טייל פון א מעכאניזם לויפט מיט א געשווינדקייט, וואס איז גלייך צו דער דיפערענץ צווישען די געשווינדיגקייטען פון אנדערע צוויי בעוועגליכע טיילען פון'ם מעכאניזם, מיט וועלכע ער (דער טייל) איז פערבונדען].

differen'tial pump (דיפ–ע–רענ'–שעל פּאמפּ) א דיפערענציאל פּומפּע [אזא דאמפף־פּומפּע וואס דער פערברויך פון דאמפף ווערט פון זיך קאנטראלירט לויט דער שווערקייט פון דער ארבייט וואס די פּומפּע דארף טהאן].

differen'tial quo'tient (דיפ–ע–רענ'–שעל קהואו'–שענט) ז. *differential coefficient*.

differen'tial scale (דיפ–ע–רענ'–שעל סקייל) א דיפערענציאל וואג [אזא פינקטליכע וואג].

differen'tial thermom'eter (דיפ–ע–רענ'–שעל טהער–מאמ'–ע–טער) א דיפערענציאל טערמאמעטער [א זעהר פינקטליכער טערמאמעטער].



Differential thermometer

differen'tiate *n.* and *v.* (דיפ–ע–רענ'–שי–אייט) מאכען פערשיעדען; מאכען אן אונטערשיעד; ווערען פערשיעדען; געפינען דעם אונטערשיעד; אין ביאלאגיע — ענטוויקלען פערשיעדענהייטען אין געבוי פון קערפער; מאכען פערשיעדען דורך ענדערונגען; אין מאטהעמאטיק — געפינען דעם דיפערענציאל אדער דעם דיפערענציאל קאעפיציענט; א דיפערענציאל קאעפיציענט. ז. *differential coefficient*.

differentia'tion *n.* (דיפ-ע-רענ-שי-איי'-שאן) דאס בילדען זיך פון אונטערשיידע אדער די אונטערשיידע גופא, וואס דיענען אלס גרונד פאר דער צוטיילונג אין גאטונגען; די איינטיילונג אין גאטונגען; אין ביאלאגיע — א שטופענווייזע ענדערונג אין דעם געבוי פון קערפער; אין לאגיק — דאס אונטערשיידען, דאס אבטיילען לויט כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען; אין דיפערענציאל-רעכנונג — דאס אויסגעפינען דאס פערהעלטניס, לויט וועלכען עס ענדערט זיך א גרעסע, וועלכע איז אבהענגיג פון א צווייטער פערענדערליכער גרעסע, ווען דיעזע צווייטע ענדערט זיך אום עפעס.

dif'ferently *adv.* (דיפ'-ע-רענט-לי) פערשיעדענארטיג; אויף א פערשיעדענעם אופן.

dif'ferentness *n.* (דיפ'-ע-רענט-נעס) דאס זיין פערשיעדען.

dif'fering *a.* (דיפ'-ע-רינג) ניט עהנליך, אנדערש, פערשיעדען; ניט איבעראיינשטימענד, שטרייטענד.

dif'feringly *adv.* (דיפ'-ע-רינג-לי) אויף א פערשיעדענעם אופן.

dif'ficult *a. and v.* (דיפ'-אי-קאלט) שווער [צו פערשטעהן, צו ערקלערען, צו טהאן, צו בעפרידיגען, צו איבערצייגען, איבערצורעדען א. ד. ג.]; פול מיט שוועריגקייטען; ברייגגען אין פערלעגענהייט; מאכען שוועריגקייטען.

dif'ficultly *adv.* (דיפ'-אי-קאלט-לי) מיט שוועריגקייטען; שווערליך.

dif'ficulty *n.* (דיפ'-אי-קאל-טי) שוועריגקייט; פערלעגענהייט; שטערונג; ווידערשטאנד, צוזאמענשטויס.

dif'fidence *n.* (דיפ'-אי-דענס) דאס אונצוטרויען צו זיך, דאס ניט גלויבען אין זיך, די ניט זיכערהייט אין זיך; בעשיידענהייט, שעמעוודיגקייט, צושראקענקייט, פערלארענקייט; דאס מיסטרויען.

dif'fident *a.* (דיפ'-אי-דענט) אונצוטרויליך צו זיך זעלבסט; ניט זיכער אין זיך; בעשיידען, שעמעוודיג, צושראקען, פערלארען [אין האלטונג]; מיסטרויאיש.

dif'fidently *adv.* (דיפ'-אי-דענט-לי) אויף א בעשיידענעם אדער צושראקענעם אופן; מיט ניט זיכערהייט אין זיך.

dif'fidentness *n.* (דיפ'-אי-דענט-נעס) אונצוטרויליכקייט; דאס פערהאלטען זיך מיט פערדאכט.

dif'fluence *n.* (דיפ'-לוה-ענס) פאנאנדערגיסונג [ווי פון א פליסיגקייט].

dif'fluent *a.* (דיפ'-לוה-ענט) וואס גיסט זיך פאנאנדער [ווי א פליסיגקייט].

dif'form *a.* (דיפ'-ארם) אונרעגעלמעסיג, ניט איינהייטליך; אויסערארדענטליך, פערקריפעלט; ניט גלייך, ניט עהנליך, פערשיעדען.

difformed' *a.* (די-פארמד') ז. ***difform***

diffor'mity *n.* (די-פאר'-מי-טי) פערשיעדענהייט אין פארם; דאס זיין ניט איינהייטליך.

diffract' *v.* (די-פרעקט') אבזונדערען אין טיילען; זיך ברעכען, זיך בויגען [ווי שטראהלען].

diffrac'ted *a.* (די-פרעק'-טעד) געבויגען אין ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען.

diffrac'tion *n.* (די-פרעק'-שאן) די אבלענקונג, די ברעכונג פון ליכט-שטראהלען אדער פון קלאנגען.

diffrac'tive *a.* (די-פרעק'-טיוו) וואס איז שייך צו דער אבלענקונג אדער צו דער ברעכונג פון ליכט-שטראהלען אדער קלאנגען; וואס פעראורזאכט די אבלענקונג אדער די ברעכונג פון ליכט-שטראהלען אדער קלאנגען.

diffrac'tively *adv.* (די-פרעק'-טיוו-לי) דורך ברעכונג [וועגען ליכט-שטראהלען אדער קלאנגען].

diffrangibil'ity *n.* (די-פרענ-דזשי-ביל'-אי-טי) דאס ברעכען זיך אדער דאס אבלענקען זיך פון שטראהלען אדער קלאנגען.

diffran'gible *a.* (די-פרענ'-דזשיבל) וואס קען זיך ברעכען אדער אבגעלענקט ווערען [ווי שטראהלען].

diffuse' *v.* (די-פיוז') פאנאדערגיסען, פאנאנדערשפרייטען, פערברייטען, פאנאנדערווארפען; זיך פאנאנדערגיסען, זיך פאנאנדערשפרייטען, זיך פערברייטען.

diffuse' *a.* (די-פיוס') זיך אויסברייטענד; פאנאנדערגעשפרייט; פאנאנדערגעווארפען; צערשטרייט; ווייטלויפיג.

diffused' *a.* (די-פיוזד') פאנאנדערגעשפרייט, פאנאנדערגעווארפען; פאנאנדערגעגאסען; ניט קלאר בעשטימט, אהן קלארע, בעשטימטע ברעגעס [וועגען פארבען-צייכענס ביי חיות, פויגעל און אינזעקטען].

diffu'sedly *adv.* (די-פיו'-זעד-לי) אויף א צושפרייטען שטייגער; ברייט פאנאנדערגעשפרייט; ווייט פערברייטעט; פאנאנדערגעגאסען; אויף א ניט קלארען שטייגער, מיט ניט קלאר בעשטימטע ברעגעס [וועגען פארבען-צייכענס ביי חיות, פויגעל און אינזעקטען].

diffu'sedness *n.* (די-פיו'-זעד-נעס) דאס זיין ווייט פאנאנדערגעשפרייט.

diffuse'ly *adv.* (די-פיוס'-לי) ווייטלויפיג, ברייט פאנאנדערגעשפרייט; אין פולען, גענוי, מיט איינצעלהייטען; אונרעגעלמעסיג און שיטער [וועגען פלעקען ביי אינזעקטען].

diffuse'ness *n.* (די-פיוס'-נעס) דאס זיין פאנאנדערגעשפרייט; דאס זיין פיעל אדער ווייטלויפיג; דאס אויסברייטען זיך אין רעדען אדער שרייבען.

diffu'ser *n.* (די-פיו'-זער) איינער אדער עטוואס וואס פערברייטעט אדער שפרייט פאנאנדער; אין פיזיק — אן אפאראט, וועלכער בעשטעהט פון א רייהע דינע מעטאל-פלאטען אבצוציהען די היץ פון א טערמא-עלעקטרישער באטאריי.

diffusibil'ity *n.* (די-פיו-זי-ביל'-אי-טי) די נייגונג פון א גאז אדער פליסיגקייט אריינצודרינגען אין אן אנדער גאז אדער פליסיגקייט, די נייגונג זיך אויסצומישען.

diffu'sible *a.* (די-פיו'-זיבל) וואס קען זיך פאנאנדערשפרייטען אדער אויסברייטען; וועגען פליסיגקייטען און גאזען — וואס קען אריינדרינגען אין אנדערע גאזען אדער פליסיגקייטען, אדער זיך אויסמישען.

diffu'sibleness *n.* (די-פיו'-זיבל-נעס) ז. ***diffusibility***

diffusim'eter *n.* (דיפ-יו-סימ'-ע-טער) ז. ***diffusiometer***

diffusiom'eter *n.* (די-פיו-סי-אמ'-ע-טער) אן אפאראט צו בעשטימען די פעהיגקייט פון פערשיעדענע גאזען אריינצודרינגען איינער אין דעם אנדערען אדער זיך צונויפצומישען.

diffu'sion *n.* (די-פיו'-זשאן) דאס פאנאנדערשפרייטען; דאס פאנאנדערשפרייטען זיך; דאס אויסברייטען; דאס אויסברייטען זיך; פערשפרייטונג; דאס אריינדרינגען פון איין פליסיגקייט אין דער צווייטער אדער פון איין גאז אין צווייטען, דאס אויסמישען זיך פון גאזען אדער פליסיגקייטען.

diffu'sion of gas'es (די-פיו'-זשאן אוו געס'-עז) דאס אריינדרינגען פון איין גאז אין צווייטען, ווען צוויי גאזען קומען אין בעריהרונג, דאס אויסמישען זיך פון גאזען.

diffu'sion of heat (די-פיו'-זשאן אוו היעט) די אויסשפרייטונג אדער די אויסשטרעמונג פון היץ.

diffu'sion of liq'uids (די-פיו'-זשאן אוו ליק'-הווידז) דאס אריינדרינגען פון איין פליסיגקייט אין דער צווייטער, ווען זיי קומען אין בעריהרונג, דאס אויסמישען זיך פון פליסיגקייטען.

diffu'sion of tax'es (די-פיו'-זשאן אוו טעקס'-עז) די טעאריע, אז די לאסט פון שטייערען זאל פאלען אויף דער גאנצער געזעלשאפט, ווי און אויף וואס די שטייערען זאלען ניט ארויפגעלעגט ווערען.

diffu'sive *a.* (די-פיו'-סיוו) זיך צוגיסענדיג, זיך צושפרייטענדיג; זיך פערברייטענדיג; ווייטלויפיג, פערברייטעט.

diffu'sively *adv.* (די-פיו'-סיוו-לי) אויף א ווייטלויפיגען שטייגער; דורך פערשפרייטען זיך; אין אלע ריכטונגען.

diffu'siveness *n.* (די-פיו'-סיוו-נעס) ז. ***diffuseness***

diffu'sor *n.* (די-פיו'-זאר) ז. ***diffuser***

dig *n. and v.* (דיג) גראבען, איינגראבען, אויסגראבען, דורכגראבען; פיעל לערנען; א שטויס טהאן אין די ריפען; א שטויס, א קלאפ, א שטורך; איינער וואס לערענט פיעל.

dig a badg'er (דיג ע בעדזש'-ער) ברייגגען אויף זיך אליין צרות.

dig'amist *n.* (דיג'-ע-מיסט) אן אלמן אדער אלמנה וואס האט חתונה צום צווייטען מאל.

dig'amous *a.* (דיג'-ע-מאס) וואס איז שייך צו א צווייטער הייראט [פון אן אלמן אדער אלמנה].

dig'amy *n.* (דיג'-ע-מי) די צווייטע הייראט [פון אן אלמן אדער אלמנה].

digas'tric *n. and a.* (דאי-געס'-טריק) צוויי-בייכיג, וואס בעשטעהט פון צוויי פליישיגע טיילען מיט א דינעם, הארטען, עלאסטישען שטאף צווישען זיי [וועגען מוסקעלען]; דער מוסקעל פון דעם אונטערשטען קיהנביין.

digas'tricus *a.* (דאי-געס'-טרי-קאס) דער צוויי-בייכיגער מוסקעל. ז. ***digastric***

dig down (דיג דאון) אונטערגראבען, שטירצען.

dig'enous *a.* (דידזש'-ע-נאס) וואס איז שייך צו צווייערליי געשלעכטער; וואס שטאמט פון צוויי געשלעכטער [אין געגענזאץ צו בעשעפענישען וואס פערשפרייטען זיך דורך אבשפאלטונג].

Di'gest *n.* (דאי'-דזשעסט) דער אלט-רוימישער געזעץ-קאדעקס, איינגעארדענט פון דעם אימפעראטאר יוסטיניאן [אין 6טען יאהרהונדערט].

di'gest *n.* (דאי'-דזשעסט) א זאמלונג, א קאמפילאציע, א בעשרייבונג, א קצור אדער אן איינארדנונג פון ליטעראַרישע, וויסענשאפטליכע אדער יורידישע מאטעריאלען.

digest' *v.* (די-דזשעסט') פערדייען;

פערדרייט ווערען [וועגען שפייזען]; איינ־טיילען אין אבטיילונגען אדער קלאסען; איינארדנען; איבערלעגען, נאכדענקען, דורכדענקען; געדולדיג איבערטראגען [בע־ליידיגונגען, צרות, ליידען א. ד. ג.]; אין כעמיע — דורכקאכען.

diges'tedly *adv.* (די־דזשעס׳־טעד־לי) אויף א גוט־איינגעארדענטען שטייגער.

diges'ter *n.* (די־דזשעס׳־טער) איינער וואס פערדרייט [שפייז]; עטוואס וואס העלפט צו פערדייען; איינער וואס אנא־ליזירט אדער בריינגט אין ארדנונג [לי־טעראריש, וויסענשאפטליכע און יורי־דיש מאטעריאלען]; א כעמישער אפא־ראט צום קאכען.

digestibil'ity *n.* (די־דזשעס־טי־ביל׳־אי־טי) פערדייליכקייט, דאס זיין פער־דייליך.

diges'tible *a.* (די־דזשעס׳־טיבל) פער־דייליך, וואס קען פערדייט ווערען.

diges'tibleness *n.* (די־דזשעס׳־טיבל־נעס) ז. *digestibility*.

diges'tion *n.* (די־דזשעס׳־טשאן) די פערדייאונג; די איינארדנונג; אין כע־מיע — דאס דורכקאכען.

diges'tive *a. and n.* (די־דזשעס׳־טיוו) וואס איז שייך צו פערדייאונג; וואס איז שייך צום כעמישען פראצעס פון איבערקא־כען זאכען; וואס העלפט פערדייען; וואס איז שייך צום אנאליזירען אדער איינ־ארדנען [ליטעראריש, וויסענשאפטליכע אדער יורידישע מאטעריאלען]; א מעדי־ציניִשער מיטעל וואס העלפט דער פער־דייאונג.

diges'tively *adv.* (די־דזשעס׳־טיוו־לי) דורך פערדייאונג.

diges'tor *n.* (די־דזשעס׳־טאר) ז. *digester*.

dig'gable *a.* (דיג׳־עבל) וואס קען גע־גראבען ווערען.

Dig'ger *n.* (דיג׳־ער) איינער פון די איינ־דיאנער אין קאליפארניא, נעוואדא און אין די ארומיגע געגענדען אין די פער־אייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס שפייזען זיך מעהרסטענטיילס מיט פלאנ־צען־ווארצלען.

dig'ger *n.* (דיג׳־ער) איינער אדער עט־וואס וואס גראבט; א גראב־געצייג.

dig'gers *n.* (דיג׳־ערז) גרעבער־אינזעק־טען. ז. *digger-wasp*.

dig'ger-wasp *n.* (דיג׳־ער־וואספ) די גרעבער־וועספע [אן אינזעקט, וועלכער לעגט זיינע אייעלעך אין גריבלעך אין דער ערד און בעזארגט יעדעס גריבעלע מיט טויטע אינזעקטען אלס נאהרונג פאר דער לארווא [ווערימעל] וואס דארף ארויסקומען פון די אייעלעך.

Digger-wasp

dig'ging *n.* (דיג׳־אינג) דאס גראבען.

dig'ging-machine' *n.* (דיג׳־אינג־מע־שין׳) א גראב־מאשין.

dig'gings *n.* (דיג׳־אינגז) א מינען־גע־גענד; א געגענד, א פלאץ.

dight *v.* (דאיט) צורעכט מאכען, פער־טיג מאכען, צוגרייטען, אבריייניגען, בע־ציערען; ריין מאכען, גלאט מאכען.

dight'ly *adv.* (דאיט׳־לי) שעהן, פרעכ־טיג.

dig in (דיג אין) איינגראבען, בעדעקען, איינהילען; זיך פערטיעפען, זיך אריינ־טהאן.

dig'it *n.* (דידזש׳־איט) א פינגער, די ברייט פון א פינגער; די פינגער־מאס [א לענגען־מאס פון 0.78 אדער אונגע־פעהר ¾ צאל]; די אסטראנאמישע צאל [א צוועלפטעל פון דעם דיאמעטער פון דער זון אדער פון דער לבנה]; איינער פון די ערשטע 9 צאהלען [פון 1 ביז 9 איינשליסליך]; א ציפער.

dig'ital *n. and a.* (דידזש׳־אי־טעל) וואס איז שייך צו א פינגער אדער א פינ־גער־מאס, וואס איז שייך צו אן אסטרא־נאמישער צאל אדער צו די ערשטע 9 צאהלען [ז. *digit*]; א פינגער; א קלא־וויש [פון א פיאנא אדער ענליכען שפיעל־אינסטרומענט]; דער לעצטער גליעד ביי די גליעדער־שפינען [ווי ביי סקארפיאנען].

Digita'lis *n.* (דידזש־אי־טיי׳־ליס) דער פינגערהוט [א מין פלאנצען, ביי וועל־כע די בליטהען בילדען זיך ווי א פינגער־הוט ארום דעם שטענגעל. איינינע מינים ווערען געברויכט אין מעדיצין].

Digitalis

dig'itate *a.* (דידזש׳־אי־טייט) וואס זיינען פינגערארטיג אדער וואס זעהען אויס ווי צושפרייטע פינגער [וועגען בלעטער, ווארצלען און קערפער־טיילען ביי חיות].

dig'itated *a.* (דידזש׳־אי־טיי־טעד) ז. *digitate*.

dig'itately *adv.* (דידזש׳־אי־טייט־לי) פינגערפערמיג אדער אין דער פארם פון צושפרייטע פינגער [וועגען בלעטער, ווארצלען און קערפער־טיילען ביי חיות].

digita'tion *n.* (דידזש־אי־טיי׳־שאן) די צוטיילונג אין פינגערפערמיגע טיילען; דאס אננעהמען א פינגערארטיגע פארם אדער די פארם פון צושפרייטע פינגער.

dig'itiform *a.* (דידזש׳־אי־טי־פארם) פינגערפערמיג, ווי צושפרייטע פינגער.

Digitig'rada *n.* (דידזש־אי־טיג׳־רע־דא) טהיערע, וועלכע געהען אויף די פינ־גער, ניט אויף דער גאנצער פוס־זויל [פארשעווע].

dig'itigrade *a.* (דידזש׳־אי־טי־גרייד) וואס געהט אויף די פינגער, ניט אויף דער גאנצער פוס־זויל אדער פוס־פארשעווע [וועגען חיות].

dig'itigradism *n.* (דידזש׳־אי־טי־גריי־דיזם) דאס געהן אויף די פינגער, ניט אויף דער גאנצער פוס־זויל [וועגען חיות].

digito'rium *n.* (דידזש־אי־טאו׳־רי־אם) א קליינער אינסטרומענט אין דער פארם פון א פיאנא, אויף וועלכען מען פראקטיצירט כדי צו ענטוויקלען די פינ־גער פאר פיאנא־שפיעלען.

di'glot *a.* (דאי׳־גלאט) געברויכענדיג צוויי שפראכען; שרייבענדיג אדער רע־דענדיג אין צוויי שפראכען; געשריבען אין צוויי שפראכען [וועגען א בוך, וואו דער טעקסט און די איבערזעצונג געפינען זיך צוזאמען].

di'glott *a.* (דאי׳־גלאט) ז. *diglot*.

diglot'tic *a.* (דאי־גלאט׳־איק) ז. *diglot*.

di'glyph *n.* (דאי׳־גליף) א צוויי־שליץ [אין ארכיטעקטור — א בעציערונג, וואס בעשטעהט פון א דאפעלטען איינשניט].

dig'nified *a.* (דיג׳־ני־פאיד) געעהרט, ערהויבען, פערנעהמענדיג א הויכען אמט, עדעל, ערהאבען, ערנסט, ווירדיג, ארויס־רופענדיג אכטונג, עהרענפול, פארנעהם.

dig'nified cler'gy (דיג׳־ני־פאיד קלויר׳־דזשי) די העכערע גייסטליכע.

dig'nifiedly *adv.* (דיג׳־ני־פאיד־לי) אויף א ווירדיגען, פארנעהמען אדער עה־רענפולען שטייגער.

dig'nify *v.* (דיג׳־ני־פאי) עהרען, מא־כען פארנעהם, בעעהרען, פערעדלען, בע־שיינען, בעציערען.

dig'nitary *n.* (דיג׳־ני־טע־רי) איינער וואס האלט א הויכען אמט.

dig'nity *n.* (דיג׳־ני־טי) א הויכער אמט, אן עהרען־שטעלע, א הויכער טיטול אדער ראנג; וויכטיגקייט, ווירדע; ערהאבענ־הייט, ערהאבענע, ווירדיגע, פארנעהמע אדער שטייפע האלטונג; דאס רעכט אויף אן עהרען־טיטול; איינער וואס האלט א הויכען אמט; אן עהרע, אן ערהויבונג אין אמט אדער ראנג.

dig'onous *a.* (דיג׳־א־נאס) צוויי־ווינ־קעלדיג [וועגען פלאנצען].

dig out (דיג אוט) אויסגראבען, ארויס־בעקומען מיט צרות.

dig o'ver (דיג או׳־ווער) איבערגראבען, דורכגראבען, אונטערזוכען, זוכען.

di'gram *n.* (דאי׳־גרעם) ז. *digraph*.

di'graph *n. and a.* (דאי׳־גרעף) צוויי בוכשטאבען וואס בעצייכענען מיט זיך איין קלאנג [ווי די בוכשטאבען *ea* אין *head* אדער די בוכשטאבען "יע" אין "ליעבע"]; וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון אזעלכע צוויי בוכשטאבען.

digraph'ic *a.* (דאי־גרעפ׳־איק) וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון צוויי בוכשטאבען, וואס בעצייכענען איין קלאנג. ז. *digraph*.

digress' *v.* (די־גרעס׳) אבווייכען פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון דעם ריכטיגען פונקט; אראבגעהן פון דרך הישר; בעגעהן א פערברעכען.

digres'sion *n.* (די-גרעש'-אן) אבווייכונג פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון ריכטיגען פונקט; דאס אראבגעהן פון דרך הישר; דאס בעגעהן א פערברעכען.

digres'sional *a.* (די-גרעש'-אנ-על) וואס ווייכט אב פון דער בעשטימטער ריכטונג; וואס ווייכט אב פון דעם ריכטיגען פונקט.

digress'ive *a.* (די-גרעס'-איוו) אבווייכענדיג פון דער בעשטימטער ריכטונג; אבווייכענדיג פון דעם ריכטיגען פונקט.

digress'ively *adv.* (די-גרעס'-איוו-לי) דורך אבווייכען פון דער בעשטימטער ריכטונג אדער פון דעם ריכטיגען פונקט.

dig up the hatch'et (דיג אפ טהי העטש'-עט) אויפגראבען אלטע פיינדשאפט; אנהויבען א מלחמה; ערקלערען קריעג [גענומען פון דעם אינדיאנער מנהג אויסצוגראבען דאס סימבאלישע העקעל, ווען מען פלעגט ערקלערען קריעג].

di'gyn *n.* (דאי'-דזשין) א פלאנצע מיט צוויי פעסטילען [שטענגעלעך אין דעם בלום-בעכערל].

digyn'ian *a.* (דאי-דזשינ'-אי-ען) וואס האט צוויי פעסטילען [וועגען פלאנצען]. ז. *digyn*.

dihe'dral *a.* (דאי-הי'-דרעל) אין מאטעמאטיק — וואס האט צוויי פלעכען וואס שניידען זיך איבער [ווי א קריסטאל].

dihe'dral an'gle (דאי-הי'-דרעל ענגל) דער פלעכען-ווינקעל, דער ווינקעל וואס בילדעט זיך פון צוויי פלעכען וואס שניידען זיך איבער.

dihe'dron *n.* (דאי-הי'-דראן) אין מאטעמאטיק — א פיגור מיט צוויי פלעכען.

dike *n. and v.* (דאיק) א גראבען; א וואסער-וואנד; א גרעבליע, א דאמבע; א נידריגע שטיינערנע אדער ערדענע וואנד וואס צאמט ארום פעלדער; מאכען א דאמבע אדער א גרעבליע; ארומצאמען, אבהאלטען.

dike'-grave *n.* (דאיק'-גרייוו) אן אויפזעהער איבער די דאמבעס [הויפטזעכליך אין האלאנד].

di'ker *n.* (דאי'-קער) איינער וואס מאכט דאמבעס, גרעבליעס אדער אבצאמונגען.

dike'-reeve *n.* (דאיק'-ריעוו) ז. *dike-grave*.

dilac'erate *v.* (די-לעס'-ע-רייט) צורייסען.

dilacera'tion *n.* (די-לעס-ע-ריי'-שאן) דאס צורייסען.

dilap'idate *v.* (די-לעפ'-אי-דייט) צושטערען; צושטערט ווערען; אויסברייגען; פערשווענדען.

dilapida'tion *n.* (די-לעפ-אי-דיי'-שאן) צושטערונג, פערניכטונג; פערשווענדונג; אויסבריינגעריי.

dilatabil'ity *n.* (דאי-ליי-טע ביל'-אי-טי) אויסדעהנליכקייט, די אייגענשאפט זיך אויסצוברייטען אדער זיך פאנאנדערצוציהען.

dila'table *a.* (דאי-ליי'-טעבל) וואס קען זיך אויסברייטען אדער פאנאנדערציהען [ווי גומילאסטיק].

dila'tableness *n.* (דאי-ליי' טעבל-נעס) ז. *dilatability*.

dila'tancy *n.* (דאי-ליי'-טענ-סי) די אייגענשאפט פון א מאסע קערנדלעך צו פערשפרייטען זיך אדער ווערען דיקער, ווען די פארם פון דער מאסע ענדערט זיך.

dila'tant *n. and a.* (דאי ליי'-טענט) וואס קען ווערען ברייטער אדער דיקער [וועגען א געוויסער מאסע פון קערנדלעך]; וואס איז שייך צו אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; א זאך אדער געגענשטאנד וואס האט די אייגענשאפט פון אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; אין כירורגיע — אן אינסטרומענט פאנאנדערצוציהען אדער מאכען ברייטער [ווי למשל, אן אינסטרומענט צו מאכען ברייטער דעם גארגעל א. ד. ג].

dilata'tion *n.* (דאי-ליי-טיי'-שאן) דאס פאנאנדערציהען, דאס אויסברייטען; דאס זיין פאנאנדערגעצויגען אדער אויסגעדעהנט; א פאנאנדערגעצויגענע געשיכטע, דאס דערצעהלען א זאך מיט צופיעל פרטים; אן אונגארמאלע אויסברייטונג פון א גליעד פון קערפער [ווי דער גארגעל אדער א קישקע] צוליעב מעדיצינישע און כירורגישע צוועקען.

dil'atator *n.* (דיל'-ע-טיי-טאר) דער אדער דאס וואס שפרייט זיך פאנאנדער [ווי א מוסקעל]; אן אינסטרומענט פאנאנדערצושפרייטען א וואונד אדער אן עפנונג פון קערפער.

dilate' *v.* (דאי-לייט') אויסדעהנען, פאנאנדערציהען [ווי לופט ציהט פאנאנדער די לונגען אין אטהעמען]; זיך פאנאנדערשפרייטען; זיך פאנאנדערציהען; שיטען מיט צופיעל רייד, דערצעהלען א זאך מיט איבריגע פרטים.

dila'ted *a.* (דאי-ליי'-טעד) פאנאנדערגעצויגען, אויסגעדעהנט, אויסגעברייטעט.

dila'tion *n.* (דאי-ליי'-שאן) דאס פאנאנדערציהען, די אויסברייטונג.

dila'tive *a.* (דאי-ליי'-טיוו) וואס האט די נייגונג זיך פאנאנדערצוציהען; וואס ציהט פאנאנדער.

dila'tor *n.* (דאי-ליי'-טאר) ז. *dilatator*.

dil'atorily *adv.* (דיל'-איי-טא-רי-לי) אויף א לאנגזאמען שטייגער; דורך פערשפעטיגונג; דורך אבלעגען א זאך אויף שפעטער.

dil'atoriness *n.* (דיל'-איי-טא-רי-נעס) די געוואהנהייט צו זיין לאנגזאם אדער אבצולעגען אויף שפעטער.

dil'atory *a.* (דיל'-איי-טא-רי) פערצעגערנד, אבלעגענד; לאנגזאם; פויל.

dil'do *n.* (דיל'-דאו) א מין הויכער קאקטוס [אזא פלאנצע וואס וואקסט אין הייסע וויסטע געגענדען] אין יאמאיקא, וועלכען די אינדיאנער פלעגען געברויכען פאר פאקעלען.

dilem'ma *n.* (דאי-לעמ'-א) א דילעמא, א פערלעגענהייט, א צושטאנד וואס איז ניט אהין און ניט אהער; אין לאגיק — אן ארגומענט אדער בעוויז געגען עפעס, וועלכער בעשטעהט פון צוויי געגענזעצליכע בעהויפטונגען און ביידע בעהויפטונגען פיהרען צו איינעם און דעמזעלבען שלוס [ווי למשל: "מיש זיך ניט אין קהל'שע ענינים, ווייל — ווענסט דו טהאן רעכט, וועלען דיך מענשען פערשעלטען, און ווענסט דו טהאן אונרעכט, וועט דיך גאט פערשעלטען"].

dilemmat'ic *a.* (דאי-לע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א דילעמא. ז. *dilemma*.

dilettan'te *n.* (דיל-ע-טענ'-טע) א דילעטאנט, א מענש וועלכער אינטערעסירט זיך מיט א געוויסען געגענשטאנד [ווי קונסט, ליטעראטור א. ד. ג.], אבער ער האט ניט קיין גענויע קענטשאפט פון דער זאך און איז בעקאנט מיט איהר נור אויבערפלעכליך.

dilettan'teism *n.* (דיל-ע-טענ'-טע-איזם) ז. *dilettantism*.

dilettan'tish *a.* (דיל-ע-טענ'-טיש) דילעטאנטיש. ז. *dilettantism*.

dilettan'tism *n.* (דיל-ע-טענ'-טיזם) דילעטאנטיזם, אן אויבערפלעכליכע בעקאנטשאפט מיט א געוויסען געגענשטאנד, ווי קונסט, ליטעראטור א. ד. ג.

dil'igence *n.* (דיל'-אי-דזשענס) פלייסיגקייט, אנשטרענגונג, התמדה; א דיליזשאנס, א קארעט צו פיהרען פאסאזשירען.

divi'ding-com'passes *n.* (די-וואי'-דינג קאמ'-פעס-עז) א טייל=צירקעל [א שפיציג צירקעל וואס ווערט געברויכט צו טיילען ליניען, קרייזען א. ד. ג.].

divi'dingly *adv.* (די-וואי'-דינג-לי) דורך טיילונג.

divi'ding-machine' *n.* (די-וואי'-דינג-מע-שין') אן אפאראט צו מאכען איינטיילינגען אויף מאטעמאטישע אינסטרומענטען.

divina'tion *n.* (דיוו-אי-ניי'-שאן) די וואהרזאגונג, די קונסט פון טרעפען וואס עס וועט זיין אין דער צוקונפט אדער וואו עס געפינט זיך א בעהאלטענע זאך; דאס ברויכען כישוף צו טרעפען עפעס; די פראפעצייאונג; אין אלט=רוימישער געריכטס=פיהרונג — דאס אויסקלייבען איינעם פון עטליכע מענשען, וועלכע קומען מיט פערשיעדענע אנקלאגען אויף איין פערזאן, אז דער אויסגעקליבענער זאל רעדען אין נאמען פון אלעמען; די רעדע פון דיעזען אויסגעקליבענעם.

div'inator *n.* (דיוו'-אי-ניי-טאר) דער וואהרזאגער, דער וואס זאגט פאר, וואס עס וועט זיין אין דער צוקונפט.

divin'atory *a.* (די-ווינ'-ע-טא-רי) וואס איז שייך צו וואהרזאגונג; טרעפענד, פארויסזאגענד.

divine' *n., a. and v.* (די-וואין') 1. געטליך, הימליש, העכער פון אלץ, הייליג; וואס איז שייך צו געטליכקיים, טעאלאגיש; 2. א טעאלאג, א גייסטליכער; 3. וואהרזאגען, טרעפען וואס שפעטער וועט זיין; זיין א וואהרזאגער אדער טרעפער; פארויסזאגען; טרעפען.

2. He is reputed to be a learned **divine**. 3. A good nurse **divines** the patient's wishes and needs.

divine' assis'tance (די-וואין' ע-סיס'-טענס) אין פילאזאפיע — די לעהרע, אז גייסט און מאטעריע געפינען זיך ניט אין דירעקטען צוזאמענהאנג און זיינען גאר ענטגעגענגעזעצט און אז זייער צוזאמענהאנג און זייער געמיינזאמע ווירקונג קומט דורך דער אריינמישונג פון דער געטליכער קראפט.

divine'ly *adv.* (די-וואינ'-לי) אויף א געטליכען שטייגער; דורך געטליכקייט; אויף דער אלערהעכסטער שטופע.

divine'ness *n.* (די-וואינ'-נעס) געטליכקייט.

divine' of'fice (די-וואין' אפ'-איס) דאס בעשטימטע טעגליכע גאטעס=דיענסט; די צייט פון די בעשטימטע גאטעס=דיענסטע [ביי די קריסטען].

divi'ner *n.* (די-וואי'-נער) דער וואהרזאגער, דער טרעפער.

divine' right (די-וואין' ראיט) דאס געטליכע רעכט, די בעהויפטונג, אז די קעניגליכע מאכט איז בעשטימט פון גאט און איז אונאבהענגיג פון דעם ווילען פון די רעגיערטע; אין דער קאטוילישער קירך — די אנערקענונג פון דעם געטליכען רעכט פון אייניגע קירכען=בעאמטע אדער פון אייניגע פארמען פון קירכען=פערוואלטונג.

divine' ser'vice (די-וואין' סויר'-וויס) גאטעס=דיענסט.

di'ving-bell *n.* (דאי'-ווינג-בעל) א טויכער=גלאק, אן איבערגעקעהרטער צילינדער אין דער פארם פון א גלאק, אין וועלכען מען לאזט זיך ארונטער אונטער'ן וואסער [די לופט אין דעם טויכער=גלאק דערלאזט ניט, אז אהין זאל אריינקומען וואסער, און אזוי ווי די לופט אין גלאק ווערט אלע מאל אבגעפרישט דורך א רעהר, קען דער טויכער גאנץ בעקוועם בלייבען אונטער'ן וואסער].

Diving-bell

di'ving-dress *n.* (דאי'-ווינג-דרעס) וואסער=זיכערע [וואס לאזען ניט דורך קיין וואסער] קליידער וואס עס טראגען די וואסער=טויכער.

Diving-dress

divi'ning-rod *n.* (די-וואי'-נינג-ראד) דער צויבער=שטאק אדער צויבער=רוט.

divin'ity *n.* (די-ווינ'-אי-טי) געטליכקייט; גאטהייט; דאס וואס איז געטליך; די לעהרע וועגען גאט, טעאלאגיע.

Divin'ity *n.* (די-ווינ'-אי-טי) גאט, דער רבונו של עולם.

div'inize *v.* (דיוו'-אי-נאיז) פערגעטערען.

divisibil'ity *n.* (די-וויז-אי-ביל'-אי-טי) די טיילבארקייט; אין אריפמעטיק — דאס קענען צוטיילט ווערען אהן א רעשט.

divis'ible *a.* (די-וויז'-איבל) טיילבאר, וואס קען צוטיילט ווערען; וואס קען זיך צוטיילען אהן א רעשט.

divis'ibleness *n.* (די-וויז'-איבל-נעס) ז. *divisibility*.

divis'ibly *adv.* (די-וויז'-אי-בלי) דורך טיילבארקייט.

divi'sion *n.* (די-וויזש'-אן) די פאנאנדערטיילונג, דאס צוטיילען, די טיילונג; די אבטיילונג; דאס זיין ניט איינינג, מחלוקות, קריעג; אין מיליטער — א דיוויזיע סאלדאטען; אן אטריאד קריעגס=שיפען; אין מאטעמאטיק — חילוק [די רעכנונגס=ארט, וועלכע בעווייזט וויפיעל מאל איין צאהל ענטהאלט זיך אין דער צווייטער]; דאס וואס צוטיילט; אין מוזיק — טרעלען, א מעלאדיע וואס בעשטעהט פון צוויי טענער, וועלכע בייטען זיך איינארטיג און שנעל איינער נאך דעם אנדערען.

divi'sional *a.* (די-וויזש'-אנ-על) וואס איז שייך אדער וואס דיענט צו דער טיילונג; וואס בעלאנגט צו א דיוויזיע [סאלדאטען].

divi'sionary *a.* (די-וויזש'-אנ-ע-רי) ז. *divisional*.

divi'sion-mark *n.* (די-וויזש'-אן-מארק) אין מוזיקאלישע נאטען — א האלב=אויסגעבויגענער שטריך, וועלכער בעצייכענט א געוויסען ריטם פון טענער.

divi'sion of la'bor (די-וויזש'-אן אוו ליי'-באר) ארבייטס=טיילונג [די אויסארבייטונג פון א פראדוקט אזוי, אז יעדער טייל זיינער ווערט בעזונדער אויסגעארבייט פון א בעזונדערען מענשען].

divi'sion of the ques'tion (די-וויזש'-אן אוו טהי קהוועס'-טשאן) אין א געזעצגעבערישער קערפערשאפט — די צוטיילונג פון א געוויסען געזעץ=פראיעקט אין בעזונדערע פונקטען און דאס שטימען וועגען יעדען פונקט בעזונדער.

divi'sive *a.* (די-וואי'-סיוו) טיילענד, וואס טיילט פאנאנדער; וואס פעראורזאכט אונאייניגקייט אדער מחלוקות.

divi'sively *adv.* (די-וואי'-סיוו-לי) דורך טיילונג; אנמאכענדיג מחלוקות.

divi'sor *n.* (די-וואי'-זאר) דער טיילער, די צאהל וועלכע טיילט [אין חילוק].

divorce' *n. and v.* (די-וואורס') א געזעצליכע שיידונג צווישען מאן און פרוי, א גט; א פאנאנדערשיידונג, א פאנאנדערטיילונג, אן אבזונדערונג; שיידען, גט'ן; פאנאנדערטיילען, אבשיידען, אבזונדערען.

divor'ceable *a.* (די-וואור'-סעבל) וואס קען געשיעדען אדער אבגעזונדערט ווערען.

divorcee' *n.* (די-וואור-סיע') א געגט'ע פרוי.

divorce'ment *n.* (די-וואורס'-מענט) א שיידונג, א גט.

divor'cer *n.* (די-וואור'-סער) איינער אדער עטוואס וואס פעראורזאכט א שיידונג אדער א גט.

divor'cible *a.* (די-וואור'-סיבל) ז. *divorceable*.

divor'cive *a.* (די-וואור'-סיוו) וואס האט די מאכט צו צושיידען.

div'ot *n.* (דיוו'-אט) א פלאכטע טארף=ערד אדער גראז=ערד וואס ווערט בענוצט צו בעדעקען א דאך פון א לאנד=הייזעל.

divo'to *a.* (די-וואו'-טא) מיט אנדאכט, פייערליך, ערנסט, טיעף געריהרט [הויפטזעכליך אין מוזיק].

divulga'tion *n.* (דיוו-אל-גיי'-שאן) א בעקאנטמאכונג, א פערברייטונג.

divulge' *v.* (די-וואלדזש') פערעפענטליכען אדער בעקאנטמאכען עטוואס וואס איז געהאלטען געווארען אין געהיים.

She **divulged** the secret intrusted to her.

divul'ger *n.* (די-וואל'-דזשער) איינער וואס פערעפענטליכט; איינער וואס פערעפענטליכט א געהיימניס.

divul'sion *n.* (די-וואל'-שאן) דאס אבּרייסען אדער אוועקרייסען.

divul'sor *n.* (די-וואל'-סאר) א כירורגישער אינסטרומענט פאנאנדערצוציהען אן עפנונג.

diz'en *v.* (דיזן) בעקליידען, בעציערען, בעפוצען; ארויפלעגען די פלאקס אויף'ן שפינדעל צום שפינען.

diz'zily *adv.* (דיז'-אי-לי) אויף א שווינדעלדינגן אופן; צומישט, צוטומעלט ווי פון קאפ=שווינדעל.

diz'ziness *n.* (דיז'-אי-נעס) שווינדעל אין קאפ.

diz'zy *a. and v.* (דיז'-אי) שווינדלי-דיג; צומישט; צוטומלט; מאכען שווינדלען [דעם קאפ].

djinn *n.* (דזשין) ז. *djinnee*

djin'nee *n.* (דזשינ'-אי) א מין וועזענס וואס, לויט דער מאכמעדאנישער מיטאלא-גיע, זיינען בעשאפען געווארען צוויי טוי-זענד יאהר פאר אדם הראשון און זיינען פערניכטעט געווארען פון גאט, ווייל זיי האבען ניט געוואלט זיך אונטערווארפען אונטער אדם הראשון'ס הערשאפט.

D. Lit. ראשי תבות פון די ווערטער *Doctor of Literature or Letters* [א געלעהרטען-טיטול פאר א קענער אין ליטעראטור].

D. M. *Doctor of Music* אבקירצונג פון אדער פון *destra mano* (דעס'-טרא מא'-נא) [אין מוזיק — א צייכען צו שפיעלען פיאנא מיט דער רעכטער האנד].

D. Mus. אבקירצונג פון די ווערטער *Doctor of Music*

do. *ditto* אבקירצונג פון

do *n. and v.* (דו) טהאן, מאכען, ער-פילען, אויספיהרען, דורכפיהרען, בעזאר-גען; פעראורזאכען; אויסריכטען; ענדי-גען; דיענען, ערפילען אן אויפגאבע; האנדלען, זיין טהעטיג; זיך אויפפיהרען; אנגעהן; האבען ערפאלג; זיך בעפינדען, זיין אין א [גוטען אדער שלעכטען] גע-זונד-צושטאנד; זיין געזונד, זיין גוט, זיין צונפאסט; בעטריגען, בעשווינדלען; לע-גען, אוועקלעגען; א שפיצעל, א בעטרוג, א שווינדעל [אויסער דעם ווערט דאס ווארט געברויכט: אלס הילפס-צייטווארט ביי פראגען און פערניינונגען, אלס אויס-דרוק פון בעפעהל אדער ביטע, אום אונ-טערצושטרייכען א פערלאנג; אויך פער-נעהמט דאס ווארט דעם פלאץ פון יעדען צייטווארט, ווען מען וויל אויסמיידען ווי-דערהאלונגען].

do *n.* (דאו) די ערשטע נאטע אין מוזיק.

do'able *a.* (דו'-עבל) אויספיהרבאר.

do a deed (דו ע דיעד) טהאן עפעס גרוי-סעס.

do'-all *n.* (דו'-אהל) א דיענער אדער א בעאמטער וואס טהוט אלע מעגליכע אר-בייטען.

do a pic'ture (דו ע פיק'-טשור) מאה-לען א בילד.

doat *v.* (דאוט) ז. *dote*

do a task (דו ע טעסק) טהאן די נוי-טיגע ארבייט; ערפילען א פפליכט; מא-כען אן אויפגאבע.

Children at school are taught to do their tasks cheerfully.

do away' (דו ע-הוויי') אויפגעבען, אוועקלעגען אן א זייט; בעזייטיגען, אב-שאפען, אבמעקען, פערניכטען.

dob'ber *n.* (דאב'-ער) דער קארק אויף דער ווענטקע; א טויך-ענטעל. ז. *dabchick*

dob'bie *n.* (דאב'-אי) ז. *dobby-machine*

dob'by *n.* (דאב'-אי) ז. *dobby-machine*

dob'by-machine' *n.* (דאב'-אי-מע-שין') אן אפאראט צו וועבען פערשיעדע-נע קליינע אוזארען.

dob'chick *n.* (דאב'-טשיק) ז. *dabchick*

do'bie *n.* (דאו'-בי) א וואהנונגס-ארט, א וואהנונג.

docibil'ity *n.* (דאס-אי-ביל'-אי-טי) דאס לאזען זיך לערנען; דאס זיין גע-הארכזאם.

doc'ile *a.* (דאס'-איל) וואס לאזט זיך לערנען; וואס לערענט לייכט; געהארכ-זאם, נאכגיעביג, וואס לאזט זיך פיהרען, קאנטראלירען אדער ענדערען.

docil'ity *n.* (דא-סיל'-אי-טי) דאס לא-זען זיך לערנען; די פעהיגקייט לייכט צו לערנען; געהארכזאמקייט, נאכגיעביגקייט; דאס לאזען זיך פיהרען, קאנטראלירען אדער ענדערען.

doc'imacy *n.* (דאס'-אי-מע-סי) ז. *docimasy*

docimas'tic *a.* (דאס-אי-מעס'-טיק) וואס בעווייזט מיט פראבעס אדער עקספע-רימענטען; וואס איז שייך צו פרובירען מעטאלען.

doc'imasy *n.* (דאס'-אי-מע-סי) דאס פרובירען רויהע מעטאלען; די פרוביר-קונסט; א כעמישע אונטערזוכונג פון מע-דיצין און גיפטען; אין אלטען גריכענ-לאנד [און, הויפטזעכליך, אין דער שטאדט אטהען] — אן עפענטליכע אונ-טערזוכונג וועגען די יעניגע וואס האבען געקראגען א קהל'שען אמט אדער וועגען די יונגע לייט, וואס האבען דערגרייכט א געוויסען עלטער און האבען געזאלט אנער-קענט ווערען פאר פול-בערעכטיגטע ביר-גער.

docimol'ogy *n.* (דאס-אי-מאל'-א-דזשי) די לעהרע ווי צו פרובירען מעטא-לען.

doc'ity *n.* (דאס'-אי-טי) ז. *docility*

dock *n. and v.* (דאק) אמפערקרויט אדער שטשאוו; דער אבגעהאקטער עק פון א פערד אדער אן אנדער חיה; דער הארטער טייל פון אן עק פון א חיה; א דאק, א פלאץ ביים ברעג פון טייך אדער ים, וואו שיפען שטעלען זיך אב, ווערען פעררירכט און ווערען אנגעלאדען אדער אויסגעלאדען; א פלאץ אין געריכט, וואו עס זיצט דער אנגעקלאגטער; אבשניידען, קירצער מאכען, פערקלענערען, אבהאקען, פערניכטען; אריינפיהרען א שיף אין א דאק.

dock'age *n.* (דאק'-איידזש) אבקירצונג, פערקלענערונג, רעדוצירונג; בעקוועמליכ-קייטען אדער פלאץ פאר שיפען אין א דאק; דאס אריינברייגנגען שיפען אין א דאק; דאק-צינזען [אבצאהלונגען פון שי-פען פאר געברויכען דעם דאק]. ז. *dock*.

dock an account' (דאק ען ע-קאונט') ארונטערנעהמען פון חשבון.

dock'-dues *n.* (דאק'-דיוז) דאק-צינזען [אבצאהלונגען פון א שיף פאר געברויכען דעם דאק].

dock'-du'ty *n.* (דאק'-דיו'-טי) ז. *dock-dues*

docked *a.* (דאקט) 1. אבגעקירצט, אב-געשניטען ווי מיט א שארפען מעסער; מיט אן אבגעשניטענעם עק; 2. אראבגערע-כענט [פון שכירות].

1. The horse has a docked tail. 2. The clerk was docked for his absence.

dock'er *n.* (דאק'-ער) א מאשינקע צו שניידען קיכלעך אדער ביסקוויטען.

dock'et *n. and v.* (דאק'-עט) א קצור, א קורצער אינהאלט; א געריכטס-טאבעלע, וואו די פארליגענדע פראצעסען זיינען פערשריבען אין דער ארדנונג, אין וועל-כער זיי דארפען פארקומען; א טא-בעלע פון געריכטס-אורטיילע; א צעטעל אויף וואארע [מיט דער בעצייכנונג פון דעם זארט, מאס אדער צאהל, מיט דעם אדרעס פון דעם קויפער א. ד. ג.]; מא-כען א קצור, גיבען א קורצען אויסצוג; ארויפלעגען א געריכטליכען פערבאט צו פערקויפען איינגענטום, אום צו פערזיכערען א חוב; איינשרייבען אין א געריכטס-ליס-טע; ארויפקלעפען א צעטעל אויף וואארע.

dock'-mas'ter *n.* (דאק'-מעס'-טער) דער אויפזעהער פון א דאק.

dock'-rent *n.* (דאק'-רענט) די אבצאה-לונג פאר האלטען וואארע אויף א דאק.

dock'yard *n.* (דאק'-יארד) א מאגא-זין אדער סקלאד אין א האפען וואו עס ווערען געהאלטען פערשיעדענע געגענ-שטענדע וואס זיינען נויטיג פאר שיפען; א פלאץ אין א האפען וואו מען פעררירכט שיפען.

doc'tor *n. and v.* (דאק'-טאר) דאקטאר, א געלעהרטער; א לעהרער; דער העכ-סטער געלעהרטען-טיטול אין אן אוניווער-זיטעט; א מעדיציגער; אין מאשינע-ריע — פאררירכטונגען, וואס רעגולירען די מאטעריאלען, מיט וועלכע די מאשין אר-בייט; א צווייטע אדער א הילפס-דאמפף-מאשין; א געטראנק, מיט וועלכען מען פעלשט וויינען; א קוכער אויף א שיף; דאקטארען, היילען, זיך היילען, נעהמען מעדיצינען; פעררירכטען, פערלאטען, פעל-שען, פערדארבען; פראקטיצירען אלס דאקטאר; בעעהרען מיט'ן טיטול "דאק-טאר".

doc'toral *a.* (דאק'-טא-רעל) וואס איז שייך צום טיטול אדער צו דער פראפע-סיאן פון א דאקטאר.

doc'torate *n.* (דאק'-טא-רייט) דאקטא-ראט, דער טיטול אדער ראנג פון א דאק-טאר.

doc'tor at law (דאק'-טאר עט לאה) דאקטאר יורי, דאקטאר פון יוריספרודענץ [א טיטול געגעבען צו א קענער פון גע-זעצען].

doc'toress *n.* (דאק'-טאר-עס) א דאק-טאריז, א פרויענצימער א דאקטאר.

doc'tor-fish *n.* (דאק'-טאר-פיש) דער זעע-באדער, א מין ים-פיש פון די הייסע לענדער מיט שארפע בלישטשענדע שטעכ-לעך ארום עק [דיעזע שטעכלעך זיינען ענהליך צו די אפעראציאנס-מעסערס פון א דאקטאר].

doc'tor of divin'ity (דאק'-טאר או די-ווינ'-אי-טי) א טיטול פון א געלעהר-טען אין רעליגיאנס-וויסענשאפט.

doc'tor of philos'ophy (דאק'-טאר או פי-לאס'-א-פי) דאקטאר דער פילא-זאפיע [א טיטול פון א געלעהרטען אין געוויסע פאכען פון וויסענשאפט].

doc'tor of sci'ence (דאק'-טאר או סאי'-ענס) דאקטאר פון נאטור-וויסענשאפ-טען.

doc'torship *n.* (דאק'-טאר-שיפ) ז. *doctorate*

doc'tress *n.* (דאק'-טרעס) ז. *doctoress*

doctrinaire' *n. and a.* (דאק-טרי-נעהר') א דאקטרינער, א סכאלאסטיקער, איינער וואס קוקט אויף אלץ פון שטאנד-פונקט פון א שמאלער און איינזייטיגער טעאריע, ניט בעמערקענדיג אדער ניט לע-גענדיג קיין אכטונג אויף די ווירקליכע פאקטען פון לעבען; דאקטרינעריש, פון אן ענג-טעארעטישען שטאנדפונקט.

doc'trinal *n. and a.* (דאק'-טרי-נעל) וואס איז שייך צו א דאקטרין אדער לעה-רע; דאקטרינעריש, בעלעהרענד; וואס ענט-האלט אין זיך רעגעלען, איסורים און התרים; א טייל אדער א פונקט פון א דאקטרין אדער לעהרע.

doc'trinal disputa'tion (דאק'-טרי-

נעל דים-פיו-טיי׳ שאן) א ויכוח איבער א װיסענשאפטליכען געגענשטאנד.

doc'trinally *adv.* (דאק׳-טרי-נעל-אי) אין דער פארם פון א דאקטרין אדער טעאריע.

doctrina'rian *n.* (דאק-טרי-ניי׳-רי-ען) ז. *doctrinaire*.

doctrina'rianism *n.* (דאק-טרי-ניי׳-רי-ען-איזם) דער דאקטרינאריזם, די פרינציפען אדער האנדלונגען פון א דאקטרינער. ז. *doctrinaire*.

doc'trine *n.* (דאק׳-טרין) א דאקטרין, א טעאריע װעגען א געװיסען פאליטישען אדער פילאזאפישען געגענשטאנד.

doc'trine of chan'ces (דאק׳-טרין אװ טשענ׳-סעז) די טעאריע װעגען מעגליכקייטען אדער די לעהרע װעגען די געזעצען, אונטער װעלכע עס זיינען אונטערגעװארפען די זאגנאנטע צופעליגע ערשיינונגען [װי למשל, װען צװישען 1000 לאטעריי בילעטען קען נור איינער געװינען און איך האב איין בילעט, דאן האב איך איין טויזענדטעל מעגליכקייט צו געװינען: װען איך האב 10 בילעטען, דאן האב איך איין הונדערטעל מעגליכקייט צו געװינען א. ד. ג.].

doc'trine of dif'ference (דאק׳-טרין אװ דיפ׳-ע-רענס) די טעאריע װעגען אונטערשיעד צװישען קאטאליציזם און פראטעסטאנטיזם.

doc'trine of enu'merated pow'ers דאק׳-טרין אװ אי-ניו׳-מע-ריי-טעד פאו׳-ערז) די טעאריע, אז די קאנסטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאאטען גיט דער אלגעמיינער רעגירונג נור די מאכט, װעלכע עס איז דייטליך אין איהר דערמאנט געװארען.

doc'ument *n. and v.* (דאק׳-יו-מענט) א דאקומענט, א צייגניס, א פאפיער; בעזארגען מיט פאפירען; אונטערשטיצען מיט א דאקומענט.

documen'tal *a.* (דאק-יו-מענ׳-טעל) ז. *documentary*.

documen'tary *a.* (דאק-יו-מענ׳-טע-רי) דאקומענטאל, װאס געהערט צו בעװייזע אדער צייגניסע.

documen'tary ev'idence (דאק-יו-מענ׳-טע-רי עװ׳-אי-דענס) דאקומענטאלע אדער געשריבענע בעװייזע.

dod'der *n. and v.* (דאד׳-ער) די פלאקס-זייד [אזא פלעכטענדע, קריכענדע פאראזיטען-פלאנצע אהן בלעטער]; זיך טרייסלען, שוידערען, ציטערען.



Dodder

dod'dered *a.* (דאד׳-ערד) בעװאקסען מיט פלאקס-זייד. ז. *dodder*.

dod'dle *v.* (דאדל) געהן װאקלענדיג מיט ניט זיכערע טריט [װי א קינד].

do dead (דו דעד) ארויסגעהן אין טויט-קאמפף.

dodec'agon *n.* (דאו-דעק׳-ע-גאן) אין געאמעטריע — א פלעכע װאס האט 12 זייטען און צװעלף װינקלען.

dodecag'onal *a.* (דאו-דע-קעג׳-א-נעל) װאס האט 12 זייטען און 12 װינקלען.

dodec'agyn *n.* (דאו-דעק׳-ע-דזשין) א פלאנצע װאס האט 12 פעסטילען אדער װייבליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecag'ynous *a.* (דאו-דע-קעדזש׳-אי-נאס) אין באטאניק — װאס האט 12 פעסטילען אדער װייבליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecahe'dral *a.* (דאו-דעק-ע-היע׳-דרעל) צװעלף-זייטיג; װאס האט די פארם פון א דאדעקאעדער. ז. *dodecahedron*.

dodecahe'dron *n.* (דאו-דעק-ע-הי׳-דראן) אין געאמעטריע — א דאדעקאעדער, א סאלידע פיגור װאס האט צװעלף גלייכע זייטען.

dodecan'der *n.* (דאו-דע-קענ׳-דער) א פלאנצע מיט 12 שטויב-געפעסען אדער מענליכע געשלעכטס-ארגאנען.

dodecan'drian *a.* (דאו-דע-קענ׳-דרי-ען) אין באטאניק — װאס האט 12 שטויב-געפעסען אדער מענליכע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין בלום.

dodecan'drous *a.* (דאו-דע-קענ׳-דראס) ז. *dodecandrian*.

dodecasyl'lable *n.* (דאו-דעק-ע-סיל׳-עבל) א װארט װאס האט 12 זילבען.

dodge *n. and v.* (דאדזש) אבשפרינגען אן א זייט, אבקעהרען זיך, אויסדרעהען זיך; אויסװייכען; גנב׳ענען זיך פון ארט צו ארט; פאלען אויף אן המצאה װי אזוי אויסצואװייכען; א שװינדלערישע המצאה; א שפיצעל, א שטוקע.

dodg'ery *n.* (דאדזש׳-ער-אי) א שפיצעל, א שטוקע.

do'do *n.* (דאו׳-דאו) א דראנטע אדער דראנטע [אזא פויגעל װאס האט אמאל עקזיסטירט אויף דעם אינזעל מאוריטיוס און איז אין גאנצען פערשװאונדען צו ענדע פון 17טען יאהרהונדערט].

Dodo

do du'ty for (דו דיו׳-טי פאר) דיענען פאר איינעם, פערטרעטען, בענוצט װערען אנשטאט אן אנדער זאך.

With the Chinese sticks **do duty for** spoons and forks.

doe *n.* (דאו) די נקבה פון א הירש, פון א האז אדער פון א קראליק.

do'er *n.* (דו׳-ער) א טהוער, איינער װאס טהוט עפעס אדער װאס איז מיט עפעס בעשעפטיגט.

does (דאז) ער טהוט, זי טהוט. ז. *do*.

doe'skin *n.* (דאו׳-סקין) די פעל פון א הירשין, זאמש; דינע װאלענע צייג פאר מענער-קליידער.

does not an'swer (דאז נאט ענ׳-סער) עס טויג ניט.

doff *v.* (דאף) אראבנעהמען, אויסטהאן, אראבציהען; אראבנעהמען דאס היטעל [אלס בעגריסונג].

do for (דו פאר) טהאן עפעס פאר אדער צוליעב אימעצען; זארגען פאר אימעצען; רואינירען; שטארק שעדיגען; טויטליך פערװאונדען; בעזיעגען; שטארק צושלאגען.

dog *n. and v.* (דאג) א הונד; א קלאמער; א האקען אדער העקעל; נאכשפירען [װי א הונד]; פערפאלגען מיט הינד [אויף יאגד]; בעפעסטיגען מיט א קלאמער אדער העקעל.

Dog *n.* (דאג) דער הונד-שטערען-בילד [א געװיסע צונויפשטעלונג פון שטערען אין דער אלטער אסטראנאמיע]; דער הונדס-שטערען [כיריאוס].

do'gal *a.* (דאו׳-געל) װאס איז שייך צו דעם הויפט-מאגיסטראט פון די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון װענעציע און גענאא.

doga'na *n.* (דא-גא׳-נא) א צאל-הויז [טאמאזשנע].

dog'-ape *n.* (דאג׳-אייפ) אן "ער"-אפע [מאלפע].

do'gate *n.* (דאו׳-גייט) דאס אמט פון א הויפט-מאגיסטראט אין די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון װענעציע און גענאא.

dog'bane *n.* (דאג׳-ביין) ז. *dog's-bane*.

dog'-bee *n.* (דאג׳-ביע) דער "ער" פון ביענען; א פליעג װאס דערקװעטשעט שטארק הינד.

dog'berry *n.* (דאג׳-בער-אי) די הונד-יאגדע.

dog'-bis'cuit *n.* (דאג׳-ביס׳-קיט) אזא מין ביסקװיט מיט פלייש צו קארמענען הינד.

dog'-bri'er *n.* (דאג׳-בראי׳-ער) דער װילדער ראזענשטאק.

dog'-cart *n.* (דאג׳-קארט) א קליין װעגעל װאס װערט געפיהרט פון הינד; א קליין װעגעל אויף צװיי רעדער.

dog'-cheap *a.* (דאג׳-טשיעפ) שפאט-ביליג; אזוי ביליג װי פאר הינד צו װארפען.

dog'-col'lar *n.* (דאג׳-קאל׳-ער) א האלז-באנד פון א הונד; אזא ענגער האלז-באנד פאר פרויען.

dog'-days *n.* (דאג׳-דייז) די קאניקולען, די הונדס-טעג [דאס זיינען די טעג פון ענדע יולי ביז אנהויב סעפטעמבער. זיי הייסען הונדס-טעג, װייל אין דיעזע טעג געהט דער שטערען װאס הייסט "הונדס-שטערען" אויף און אונטער צוזאמען מיט דער זון].

doge *n.* (דאודזש) דער טיטול פון דעם הויפט-מאגיסטראט אין די אמאליגע אלטע רעפובליקען פון װענעציע און גענאא.

dog'-ear *v.* (דאג׳-איער) פערבויגען די װינקלען פון די בלעטער אין א בוך [מאכען װי אראבגעהאנגענע הינטישע אויערען].

dog'-eared *a.* (דאג׳-איערד) װאס די װינקלען פון די בלעטער [פון א בוך] זיינען פערבויגען.

doge'ship *n.* (דאודזש׳-שיפ) ז. *dogate*.

dog'-fan'cier *n.* (דאג׳-פענ׳-סי-ער) א הונד-הענדלער, א הונד-ציכטער.

dog'-fight *n.* (דאג׳-פאיט) א רייסעריי פון הינד; א געשלעגער װאס איז ניט לויט די כללים פון באקסען.

dog'fish *n.* (דאג׳-פיש) דער הונד-פיש [א מין האיפיש].



Dogfish

dog'-fly *n.* (דאג׳-פלאי) די הונד-פליעג [אזא פליעג װאס בעאונרוהיגט הויפטזעכליך הינד].

dog'-fox *n.* (דאג׳-פאקס) א הונד אן "ער".

dog'ged *a. and adv.* (דאג׳-עד) איינגע-

שפארט; פערביסען; הארטנעקיג; פערדריסליך; אונפריינדליך; זעהר.

dog'gedly *adv.* (דאג'-עד-לי) אויף אן איינגעשפארטען אדער הארטנעקיגען אופן; מיט דער איינגעשפארטקייט פון א הונד.

dog'gedness *n.* (דאג'-עד-נעס) פערביסענקייט, איינגעשפארטקייט, הארטנעקיגקייט; אנגעכמורעטקייט, אונפריינדליכקייט.

dog'ger *n.* (דאג'-ער) א פישער-שיף.

dog'gerel *n. and a.* (דאג'-ער-על) גראם-שטראם פאעזיע; געדיכטע מיט א פאלשען פערזען-מאס און ריטם און א פוסטען אינהאלט; אהן ריטם און אהן אן אינהאלט [וועגען געדיכטע].

dog'gerelize *v.* (דאג'-ער-על-איז) שרייבען גראם-שטראם געדיכטע.

dog'gerelizer *n.* (דאג'-ער-על-אי-זער) א גראם-שטראם דיכטער.

dog'german *n.* (דאג'-ער-מען) א מאסטראז פון א פישער-שיף.

dog'gery *n.* (דאג'-ער-אי) בעטרוג, געמיינהייט; א פראסטער שענק.

dog'ging *n.* (דאג'-אינג) די יאגד מיט הינד.

dog'gish *a.* (דאג'-איש) הינטיש; בייסיג; קנוריג [ווי א הונד].

dog'gishly *adv.* (דאג'-איש-לי) אויף א הינטישען אופן.

dog'gishness *n.* (דאג'-איש-נעס) הינטישקייט, פערביסענהייט, איינגעשפארטקייט.

dog'-goned *a.* (דאג'-גאהנד) פערדאמט.

dog'-grass *n.* (דאג'-גרעס) הונדס-גראז, קוועקע [א מין ווילדער ווייץ, וואס וואקסט ביי די זייטען פון די פעלדער].

dog'gy *n.* (דאג'-אי) הינטעלע [א ליעבלינגס-נאמען פאר א הונד]; א קליין הינטעל.

dog'-head *n.* (דאג'-העד) אזא האמער וואס ווערט בענוצט ביים מאכען זעגען.

dog'-hear'ted *a.* (דאג'-האר'-טעד) האבענדיג א הינטיש הארץ, גרויזאם, הארט-הערציג.

dog'-hole *n.* (דאג'-האול) א קאנורע, א הונד-לאך.

dog'-house *n.* (דאג'-האוס) א קאנורע, א הונד-ביידעל.

dog in the man'ger (דאג אין טהי מיינ'-דזשער) א הונד אויף א קופע היי, ער עסט אליין ניט און לאזט קיין אנדערען ניט עסען.

dog'-kee'per *n.* (דאג'-קיע'-פער) א הונד-אויפזעהער.

dog'-ken'nel *n.* (דאג'-קענ'-על) ז. ***dog-house***.

dog'-Lat'in *n.* (דאג'-לעט'-אין) עם-הארצות'דיגע לאטיין.

dog'-leech *n.* (דאג'-ליעטש) א הונד-דאקטאר.

dog'-legged *a.* (דאג'-לעגד) אויסגעבויגען ווי א הינטישער פוס [וועגען טרעפ, רעלסען א. ד. ג.].

dog'-let'ter *n.* (דאג'-לעט'-ער) דער בוכשטאב ***R***.

dog'-louse *n.* (דאג'-לאוס) די הונד-לויז [אזא אינזעקט וואס קלעפט זעהר צו הינד].

dog'ma *n.* (דאג'-מע) א דאגמע, א גרונד-פרינציפ פון רעליגיאן; א פעסטגעשטעלטער פרינציפ; אן אנגענומענער לעהרזאץ פון אן אויטאריטעט אהן אליין עס צו קענען בעווייזען אדער צו בעגרינדען [ווי ביי אידען הלכה למשה מסני].

dog'-mad *a.* (דאג'-מעד) משוגע ווי א הונד.

dog'-man *n.* (דאג'-מען) איינער וואס האנדעלט מיט הינטישען פלייש.

dogmat'ic *n. and a.* (דאג-מעט'-איק) דאגמאטיש, ווי א דאגמע [וועגען א בעהויפטונג וואס איז ניט בעגרינדעט אויף ערפאהרונג אדער בעווייזע]; די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט די דאגמען פון דער קריסטליכער רעליגיאן; א דאגמאטיקער [איינער וואס בעגרינדעט ניט זיינע בעהויפטונגען, נאר שטעלט זיי ארויס אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען]. ז. ***dogma***.

dogmat'ical *a.* (דאג-מעט'-אי-קעל) דאגמאטיש, ווי א דאגמע [וועגען א בעהויפטונג וואס איז ניט בעגרינדעט אויף ערפאהרונג אדער בעווייזע].

dogmat'ically *adv.* (דאג-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א דאגמאטישען שטייגער; אויף דעם אופן פון אן אויטאריטעט; מיט געוויסהייט, מיט בעשטימטהייט. ז. ***dogma***.

dogmat'icalness *n.* (דאג-מעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין דאגמאטיש; געוויסהייט, בעשטימטהייט.

dogmat'ics *n.* (דאג-מעט'-איקס) די וויסענשאפט וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט די דאגמען [גרונד-פרינציפען] פון דער קריסטליכער רעליגיאן.

dogmatisa'tion *n.* (דאג-מע-טי-זיי'-שאן) ז. ***dogmatization***.

dog'matise *v.* (דאג'-מע-טאיז) ז. ***dogmatize***.

dog'matism *n.* (דאג'-מע-טיזם) דאגמאטיזם, דאס זיין דאגמאטיש; בעהויפטונגען, וועלכע ווערען ארויסגעשטעלט אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען, ניט זייענדיג בעגרינדעט אדער בעוויזען.

dog'matist *n.* (דאג'-מע-טיסט) א דאגמאטיקער, איינער וואס בעגרינדעט ניט זיינע בעהויפטונגען, נאר שטעלט זיי ארויס אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען.

dogmatiza'tion *n.* (דאג-מע-טי-זיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין א דאגמע; דאס מאכען בעהויפטונגען אין דער פארם פון א דאגמע. ז. ***dogma***.

dog'matize *v.* (דאג'-מע-טאיז) מאכען דאגמאטישע בעהויפטונגען; מאכען בעהויפטונגען אלס פעסטגעשטעלטע ווארהייטען אהן ארגומענטען אדער בעווייזע.

dog'matizer *n.* (דאג'-מע-טאי-זער) ז. ***dogmatist***.

dog'rose *n.* (דאג'-ראוז) די פעלד-רויז, די ווילדע רויז.

Dog-rose

dog's age (דאגז איידזש) א שאק מיט יאהרען.

dog's'-bane *n.* (דאגז'-ביין) הונדס-קרויט [אזא פלאנצע מיט שטארק ביטערע ווארצלען].

dog's death (דאגז דעטה) א הינטישער טויט.

dog's'-ear *n. and v.* (דאגז'-איהר) א פערבויגענער ווינקעל פון א בלאט אין א בוך [וואס זעהט אויס ווי א הינטישער אויער]; פערבויגען די ווינקלען פון די בלעטער פון א בוך.

dog's'-fen'nel *n.* (דאגז'-פענ'-על) הונדס-גראז [אזא גראז מיט א זעהר שלעכטען ריח].

dog's'-grass *n.* (דאגז'-גרעס) ז. ***dog-grass***.

dog'-show *n.* (דאג'-שאו) אן אויסשטעלונג פון הינד.

dog'-sick *a.* (דאג'-סיק) זעהר קראנק.

dog'skin *n. and a.* (דאג'-סקין) א הונד-פעל; הונד-לעדער; געמאכט פון הונד-לעדער.

dog'-sleep *n.* (דאג'-סליעפ) א לייכטער שלאף [ווי פון א הונד].

dog's'-meat *n.* (דאגז'-מיעט) אבפאל פון פלייש [אלס שפייז פאר הינד].

dog's'-mer'cury *n.* (דאגז'-מויר'-קיו-רי) דאס בינגעלקרויט [א מין גיפטיג גראז].

Dog's-mercury

dog's'-nose *n.* (דאגז'-נאוז) אזא מין געמישטער ענגלישער געטראנק.

dog's'-tail grass (דאגז'-טייל גרעס) דאס געוועהנליכע קאם-גראז וואס וואקסט אויף לאנקעס.

dog'-star *n.* (דאג'-סטאר) דער הונדס-שטערען אדער סיריאוס [א געוויסער שטערען וועלכען מען זעהט אם קלארסטען אין די מאנאטען יולי און אויגוסט].

dog'-stone *n.* (דאג'-סטאון) אזא שארפיגער שטיין וואס ווערט בענוצט אלס מיהל-שטיין.

dog'stones *n.* (דאג'-סטאונז) אזא פלאנצע פון דעם ארכידעען מין.

dog's'-tooth grass (דאגז'-טוהטה גרעס) ז. ***dog-grass***.

dog'-tent *n.* (דאג'-טענט) א קליינער געצעלט וואס זעהט אויס ווי א הינטיש ביידעל.

dog'-tired *a.* (דאג'-טאירד) מיעד ווי א הונד [שרעקליך מיעד].

dog'-tooth *n. and a.* (דאג'-טוהטה) דער אויגען-צאהן [דער שפיציגער צאהן נאך וועלכען עס הויבען זיך אן די באקציינער]; אין ארכיטעקטור — אזא פער-

ציערונג איז דער פארם פון שפיציגע צייה־נער; וואס איז שייך צו אזא פערציערונג.

dog'-tree *n.* (דאג'-טריע) ז. *dogwood*

dog'-trick *n.* (דאג'-טריק) א הינטישע שטוקע; א הינטישער וויץ.

dog'-trot *n.* (דאג'-טראט) א לייכטער טריט [ווי פון א הונד].

dog'-watch *n.* (דאג'-וואטש) די צוויי־שטונדען וואך וועלכע ווערט געהאל־טען אויף א שיף פון דער מאנשאפט — איינע פון 4 ביז 6 פאר נאכט און די צוויי־טע פון 6 ביז 8 מארגענס.

dog'-wear'y *a.* (דאג'-הוויער'-אי) מיעד ווי א הונד, טויט מיעד.

dog'wood *n.* (דאג'-הוואוד) דער הונדס־בוים [אזא בוים פון גלאטען און הארטען האלץ].

Dogwood

doi'ly *n.* (דאי'-לי) א טהעע־סערוועטקע, א דעסערט טישטיכעל [א קליין פערציערט אדער געשטריקט טישטיכעל].

do'ings *n.* (דו'-אינגז) טהאטען, אויפטהו־אונגען; האנדלונגען.
Write me about your **doings.**

do in'jury (דו אינ'-דזשו-רי) טהאן שאדען.

do in'to (דו אינ'-טו) איבערזעצען אין...
The author will **do** this article **into** German.

doit *n.* (דאיט) 1. אן אלטע קופערנע קליינע האלענדישע מטבע; א פרוטה, א גראשען; 2. א קליינינקייט, א טראפען.
2. I care not a **doit.**

doit'kin *n.* (דאיט'-קין) אן אלטע הא־לענדישע קליינע קופערנע מטבע; א פרוטה, א גראשען.

dol. אבקירצונג פון *dollars* אדער *dollar*

dolab'riform *a.* (דא-לעב'-רי-פארם) האק־פערמיג, ווי א האק [וועגען בלעטער און קערפער־טיילען ביי אינזעקטען].

dol'ce *a.* (דאול'-טשע) זיס און זאנפט [אין מוזיק].

dol'ce far nien'te (דאול'-טשע פאר ניענ'-טע) זיסע אונטעהטיגקייט; געשעמ־קע, אננענעהמע פוילקייט.

dolcemen'te *adv.* (דאול-טשע-מענ'-טע) מיט זאנפטקייט און מיט זיסקייט [אין מוזיק].

dol'drums *n.* (דאל'-דראמז) געדריקטע שטימונג; שטילקייט, ווינדלאזיגקייט [אין איינינגע טיילען פון ים ארום עקוואטאר].

dole *n. and v.* (דאול) די טייל; א אויסטיילונג; מזל, גורל; א נדבה; קומער; קלאג; דאס טרויערען; דאס ווארקען פון טויבען; א הורטע טויבען; א גרענעץ; אויסטיילען אין קליינע פאר־ציעס [הויפטזעכליך וועגען נדבות אדער אין אלגעמיין, ווען עס ווערט געגעבען קארג און מיט אונצופרידענהייט].

dole'ful *a.* (דאול'-פול) טרויעריג, בע־טריבט, מעלאנכאליש.

dole'fully *adv.* (דאול'-פול-אי) מיט טרויער, מיט קומער, מיט בעטריבטקייט; מעלאנכאליש.

dole'fulness *n.* (דאול'-פול-נעס) טרויע־ריגקייט, בעטריבטקייט, קומער, מעלאנכא־ליע.

dole out (דאול אוט) קארג אויסטיילען.

dole'some *a.* (דאול'-סאם) ז. *doleful*

dole'somely *adv.* (דאול'-סאם-לי) ז. *dolefully*

dole'someness *n.* (דאול'-סאם-נעס) ז. *dolefulness*

dolichoceph'alic *a.* (דאל-אי-קא-סעפ'-ע-ליק) לאנג־קעפיג [וועגען מענשען־ראסען, ביי וועלכע דער שארבען האט א לענגליכע פארם און זיין ברייט איז ניט מעהר ווי דריי פיערטעל פון דער לענג].

dolichoceph'alism *n.* (דאל אי-קא-סעפ'-ע-ליזם) לאנג־קעפיגקייט. ז. *dolichocephalic*

dolichoceph'alous *a.* (דאל-אי-קא-סעפ'-ע-לאס) ז. *dolichocephalic*

dolichoceph'aly *n.* (דאל-אי-קא-סעפ'-ע-לי) ז. *dolichocephalism*

do like for like (דו לאיק פאר לאיק) בעצאהלען מיט דערזעלבער מטבע.

dol'iman *n.* (דאל'-אי-מען) א לאנגער טערקישער אויבערמאנטעל מיט שמאלע ארבעל, וואס פערשפילען זיך אונטען, ביים האנד־געלענק.

do'-lit'tle *n.* (דו'-ליט'ל) א פוילענצער.

doll *n.* (דאל) א פופע, א ליאלקע.

dol'lar *n.* (דאל'-אר) א דאלאר [אן אמעריקאנישע מטבע]: דער דייטשער טהאלער [דריי מארק].

dol'lar-bird *n.* (דאל'-אר-בוירד) דער דאלאר־פויגעל [אזא פויגעל אין אויס־טראליען. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם גרויסען קיילעכדיגען ווייסען פלעק אויף די פליגעל].

dol'lar-mark *n.* (דאל'-אר-מארק) דער צייכען $, מיט וועלכען מען בעצייכענט דאלארס [ווי $5.].

dol'ly *n., v. and a.* (דאל'-אי) א ליאל־קע, א פופע; אין אינדיען — א פרעזענט פון פרוכטען און זיסען געבעקס; אזא אינסטרומענט איינצושלאגען ערץ אין די שאכטען; אזא וואש־מאשין; איינשלאגען ערץ; וואשען ערץ מיט א וואש־מאשין; נאריש, קינדיש; ליעב.

dol'ly mop (דאל'-אי מאפ) א גאסען־הור, א סאלדאטען־הור.

dol'ma *n.* (דאל'-מא) א טערקישער מאכל, וועלכער בעשטעהט פון געהאקטע פלייש, רייז, אייער א. ד. ג., געוויקעלט אין פלאנצען־בלעטער.

dol'man *n.* (דאל'-מען) א לאנגער טער־קישער אויבער־מאנטעל מיט שמאלע אר־בעל, וואס פערשפילען זיך ביים האנד־גע־לענק; א הוזארען־יאק, רייך בעפוצט מיט שנורען; א פרויען־מאנטעל מיט אן ארא־האנג [אין דער פארם פון א קאלנער] אנשטאט ארבעל.

dol'men *n.* (דאל'-מען) א דאלמען, א שטיינערנע מצבה פון די אור־אלטע צייטען, וועלכע מען געפינט אין די מערב־טיילען פון אייראפא, אין אזיען און אין אפריקא [א דאלמען בעשטעהט געוועהנ־ליך פון א שטיין, וואס ליעגט אויף אנ־דערע שטיינער אזוי, אז עס בילדעט זיך א מין קעמערעל. מען דענקט, אז די דאלמענס זיינען אויך געברויכט געווארען אלס מזבחות און אלס וואהנונגען].

dolmen'ic *a.* (דאל-מענ'-איק) וואס איז שייך צו א דאלמען; וואס מאכען דאל־מענס. ז. *dolmen*

dol'omite *n.* (דאל'-א-מאיט) דער דא־לאמיט [א מינעראל, ענטהאלט קאלך, מאגנעזיום און קויהלען־זויערע].

dolomit'ic *a.* (דאל-א-מיט'-איק) וואס איז שייך צו דאלאמיט. ז. *dolomite*

dol'omize *v.* (דאל'-א-מאיז) פערוואנד־לען אין דאלאמיט. ז. *dolomite*

do'lor *n.* (דאו'-לאר) שמערץ, טרויער, קומער, יאמער.

dolorif'erous *a.* (דאל-א-ריפ'-ע-ראס) שמערצליך; וואס פערשאפט שמערץ.

dolorif'ic *a.* (דאל-א-ריפ'-איק) וואס דריקט אויס אדער פעראורזאכט שמערץ.

dolorif'ical *a.* (דאל-א-ריפ'-אי-קעל) ז. *dolorific*

doloro'so *a. and adv.* (דאו-לאו-ראו'-סא) זאנפט און ריהרענד [אין מוזיק].

dol'orous *a.* (דאל'-א-ראס) שמערצליך, שמערצענד, טרויעריג, יאמערליך, בעטרי־בענד, בעטריבט.

dol'orously *adv.* (דאל'-א-ראס-לי) אויף א שמערצליכען, טרויעריגען אדער בעטריבענדען אופן.

dol'orousness *n.* (דאל'-א-ראס-נעס) שמערצליכקייט, קומער, טרויעריגקייט, בע־טריבטקייט.

dolose' *a.* (דאו-לאוס') מיט א פערברע־כערישער כונה.

dol'phin *n.* (דאל'-פין) דער דעלפין־פיש; אזא שטיק אייזען אדער בליי, מיט וועלכען מען פלעגט אין אלטען גריכענלאנד דורכ־ברעכען און זינקען פיינדליכע שיפען; א פארריכטונג פון קלעצער ביי א דאק פאר פעראנקערען שיפען.

dol'phinet *n.* (דאל'-פינ-עט) די "זי" פון דעלפין־פיש.

dolt *n. and v.* (דאולט) א נאר, אן עזעל־קאפ; א חמור; נאריש האנדלען; זיך אויפפיהרען דום.

dol'tish *a.* (דאול'-טיש) נאריש, עזעליש, דום.

dol'tishly *adv.* (דאול'-טיש-לי) אויף א נארישען, דומען שטייגער.

dol'tishness *n.* (דאול'-טיש-נעס) דאס זיין א חמור; דומהייט.

domain' *n.* (דא-מיין') די הערשאפט; די טעריטאריע פון הערשאפט; א מאיאנטעק, א גוט, לאנד־איינגענטום; געביעט.

do'mal *a.* (דאו'-מעל) וואס איז שייך צו אן אבגעגרענעצטען טייל פון אויסגע־שטערענטען הימעל [אין אסטראלאגיע].

doma'nial *a.* (דא-מיי'-ני-על) וואס איז שייך צו גיטער אדער מאיאנטקעס.

Dom'boc *n.* (דאומ'-באוק) ז. *Domebook*

dome *n. and v.* (דאום) א דאם, א בנין, א גרויסארטיגע געביידע, א גרויסע קירך אדער טעמפעל; אין ארכיטעקטור — א קופאל, דער האלב־רונדער דאך פון א קירך און אנדערע געביידען; א האלב־רונדע ארקע; דער דאמפף־קאמער פון א לאקאמאטיוו; דער אויבערשטער טייל פון א שמעלץ־אויווען; דער אויבערשטער דאך פון אן אייזענבאהן־וואגאן; דער האלב־רונדער דאך פון אן אבסערוואטאריע; א מינעראל וואס האט די פארם פון א קו־פאל; ארויפשטעלען א קופאל; צונעבען צו עפעס די פארם פון א קופאל.

Dome'book *n.* (דאום'-בוק) א זאמלונג פון געזעצע וואס זיינען ארויסגעגעבען גע־ווארען פון ענגלישען קעניג אלפרעד.

domes'tic *n. and a.* (דא-מעס'-טיק)

1. הויזליך; היימיש; היגע; פון אייגענעם לאנד; היימיש געמאכט; היימיש געמאכטע פראדוקטען [אין געגענזאץ צו אימפארטירטע וואארע]; 2. א הויז=משרת, א בעדיענער.

1. I wear a suit made of domestic woolen. 2. In America it is hard to obtain domestics.

domes'tical *n.* (דא-מעס'-טי-קעל) א הויז=משרת.

domes'tically *adv.* (דא-מעס'-טי-קעל-אי) בנוגע צו די היימישע אנגעלעגענהייטען; פריוואט, היימיש.

domes'tic an'imal (דא-מעס'-טיק ענ'-אי-מעל) א הויז=טהיער.

domes'ticate *v.* (דא-מעס'-טי-קייט) היימיש מאכען, צוגעוועהנען; מאכען אדער ווערען פאמיליאר; זיין א הויז=זיצער; זיין שטענדיג אין דער היים, פיהרען א רוהיג לעבען; זיין א היימישער מענש.

domestica'tion *n.* (דא-מעס-טי-קיי'-שאן) דאס הויזליכע לעבען; דאס זיין היימיש; דאס מאכען הויזליך, די צוגעוועהנונג.

domes'ticative *a.* (דא-מעס'-טי-קיי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו פיהרען א הויז=לעבען אדער צו זיין א הויז=זיצער.

domes'tic com'merce (דא-מעס'-טיק קאמ'-ערס) דער האנדעלס=פערקעהר אין די גרענעצען פון דעם אייגענעם לאנד אדער מלוכה.

domes'tic econ'omy (דא-מעס'-טיק אי-קאנ'-א-מי) די הויז=ווירטשאפט; דער אופן ווי אזוי עס ווערט געפיהרט די הויז=ווירטשאפט.

domestic'ity *n.* (דא-מעס-טיס'-אי-טי) הויזליכקייט, דאס זיין היימיש.

domes'ticize *v.* (דא-מעס'-טי-סאיז) מאכען הויזליך [א חיה]; מאכען היימיש.

domes'tic peace (דא-מעס'-טיק פיעס) הויז=פריעדען, שלום בית.

domes'tic trade (דא-מעס'-טיק טרייד) דער אינערליכער האנדעל.

domes'tic tu'tor (דא-מעס'-טיק טיו'-טאר) א הויז=לעהרער.

domes'tic war (דא-מעס'-טיק וואהר) א בירגער=קריעג.

dom'ett *n.* (דאמ'-עט) גלאטער האלב=וואלענער שטאף.

do'mical *a.* (דאו'-מי-קעל) וואס איז שייך אדער וואס האט די פארם פון א דאם אדער פון א געביידע מיט א קופאל; וואס איז געבויט לויט דער ארכיטעקטור פון א דאם. ז. *dome*

do'mically *adv.* (דאו'-מי-קעל-אי) אין דער פארם פון א דאם. ז. *dome*

dom'icile *n. and v.* (דאמ'-אי-סיל) א וואהנונג; א הויז; א וואהנונגס=ארט; זיך בעזעצען אין א וואהנונג; בעזארגען מיט א וואהנונג.

domicil'iary *a.* (דאמ-אי-סיל'-אי-ע-רי) וואס געהערט צו דער וואהנונג, הויזליך; אין זאאלאגיע — וואס איז שייך צו דעם שיידעל, אין וועלכען א געוויסע חיה לעבט.

domicil'iate *v.* (דאמ-אי-סיל'-אי-אייט) זיך בעזעצען אין א וואהנונג; בעזארגען מיט א הויז.

domicilia'tion *n.* (דאמ-אי-סיל-אי-איי'-שאן) די בעזעצונג אין א וואהנונג; די בעשטענדיגע וואהנונג.

dom'inance *n.* (דאמ'-אי-נענס) דאס הערשען, די הערשונג, דער קאנטראל, די איבערהאנד.

China is now under the **dominance** of Europe.

dom'inancy *n.* (דאמ'-אי-נענ-סי) ז. *dominance*

dom'inant *n. and a.* (דאמ'-אי-נענט) וואס געוועלטיגט; וואס האט די איבערהאנד; אין מוזיק — די דאמינאנטע, דער 5טער טאן אין א גאמא.

dom'inantly *adv.* (דאמ'-אי-נענט-לי) מעשה געוועלטיגער; אויף א הערשענדען שטייגער.

dom'inate *v.* (דאמ'-אי-נייט) הערשען; געוועלטיגען; בעהערשען, רעגירען; האבען די איבערהאנד.

domina'tion *n.* (דאמ-אי-ניי'-שאן) איבערהערשאפט.

dom'inator *n.* (דאמ'-אי-ניי-טאר) א הערשער, א געוועלטיגער.

do'mine *n.* (דאו'-מי-נע) א גייסטליכער.

domineer' *v.* (דאמ-אי-ניער') הערשען; בעל=הבית'עווען; אויפפיהרען זיך מעשה בעל=הבית; בושעווען, לארמען [אלס בעל=הבית].

domineer'ing *a.* (דאמ-אי-ניער'-אינג) בעפעהלענד, מעשה בעל=הבית.

domin'ical *n. and a.* (דא-מינ'-אי-קעל) אין דער קריסטליכער קירך — וואס געהערט צו גאט'ס טאג [זונטאג]; וואס איז שייך צו זונטאג; גאט'ס הויז, א קירך; א זונטאגדיגער מלבוש צו געהן אין קירך.

Domin'ican *n. and a.* (דא-מינ'-אי-קען) איינער וואס געהערט צו דעם קריסטליכען מאנאכען=ארדען דאמיניקאנער; וואס איז שייך צו די דאמיניקאנער; וואס איז שייך צו די "קארדינאלען" [א מין דרום=אמעריקאנישע פויגלען מיט טונקעל=גרויע פעדערען און מיט א העל=רויטען טשוב אויף'ן קאפ].

dom'inie *n.* (דאמ'-אי-ני) א גלח, א גייסטליכער.

domin'ion *n.* (דא-מינ'-יאן) הערשאפט, געוועלטיגקייט, די מאכט, די הערשונג; די מלוכה; דאס לאנד אדער די לענדער וואס בעלאנגען צו א פערזאן אדער רעגיערונג.

dom'ino *n.* (דאמ'-אי-נאו) א דאמינא, א גלח'ישער ברייטער איבער=מאנטעל מיט א קאפיושאן; א מאסקאראד=קלייד אין דער פארם פון א גלח'ישער דאמינא; איינער וואס טראגט א דאמינא; א האלבע מאסקע, מיט וועלכער פרויען פלעגען אמאל פערדעקען דאס פנים, פאהרענדיג אין וועג; דאס דאמינא=שפיעל; א ביינדעל פון דאמינא=שפיעל.

Domino

dom'inoes *n.* (דאמ'-אי-נאוז) דאס דאמינא=שפיעל.

dom'inus *n.* (דאמ'-אי-נאס) דער הערר; דער טיטול פון א גייסטליכען אין די אמאליגע צייטען; אין געזעצגעבונג — א אייגענטימער אדער בעזיצער פון א געוויסער זאך, אויף וועלכער ער האט א רעכט; אין מיטעלאלטער — א פריץ וואס גיט אב ערד צו זיינעם א וואסאל פאר געוויסע פערפפליכטונגען.

don *n. and v.* (דאן) דער שפאנישער טיטול "הערר"; אן אדעליגער, א טיטולירטער; א וויכטיגע פערזענליכקייט [איראניש]; אין ענגלאנד — א דאן, אן אוניווערזיטעטס=געלעהרטער; אנטהאן, אנקליידען, בעקליידען.

do'ña *n.* (דאו'-ניא) א דאנא, א מאדאם [אין שפאניש].

do'nate *v.* (דאו'-נייט) געבען, שענקען, מנדב זיין, ביישטייערען.

He donated his services to his party.

dona'tion *n.* (דא-ניי'-שאן) א נדבה, א מתנה, א געשענק, א ביישטייערונג; אן אפיציעלער דאקומענט, דורך וועלכען עטוואס ווערט געשענקט אדער געגעבען.

dona'tion-par'ty *n.* (דא-ניי'-שאן-פאר'-טי) א פערזאמלונג ביים גייסטליכען, ביי וועלכער עס ווערען געבראכט פרעזענטען פאר'ן גייסטליכען [דער מנהג עקזיסטירט, מייסטענס אין דערפער, אין אייניגע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. דער צוועק פון דיזע פערזאמלונגען איז צו פערגרעסערען דעם גלח'ס קליינע שכירות].

don'ative *n. and a.* (דאנ'-ע-טיוו) א געשענק, א מתנה, א נדבה; געשענקט, בעשאנקען.

dona'tor *n.* (דא-ניי'-טאר) איינער וואס איז מנדב אדער וואס שענקט עפעס.

do'naught *n.* (דו'-נאהט) א טויגעניכטס, א פוילענצער, א לעדיג=געהער.

done (דאן) 1. געטהאן, געמאכט; פארטיג, געענדיגט, פערפאלקאמט; 2. בעשלאסען, אנגענומען; 3. ערשעפט, אויסגעמאטערט; 4. ערפילט, פערעפענטליכט. ז. *do*

1. The work was done well.

done brown (דאן בראון) גוט געבראטען.

donee' *n.* (דאו-ניע') איינער וועמען מען שענקט עפעס; איינער וואס קריעגט בירושה לאנד=אייגענטום וואס קען קיינמאל ניט פערקויפט ווערען, נאר געהט איבער בירושה אין א געוויסער ארדנונג; איינער וועמען מען גיט איבער דאס רעכט אויף לאנד=אייגענטום [אלס פערטרעטער פון דעם אייגענטימער].

done up (דאן אפ) 1. שוין מעהר נישטא; פערשוואונדען; 2. גוט אנגעבראכען די ביינער.

2. He was **done up** in the fight.

Don Ju'an (דאן דזשו'-אן) א דאן זשואן, א דאמען=פריינד, איינער וואס לויפט נאך פרויען.

don'key *n.* (דאנ'-קי) אן עזעל; א שוטה, אן עזעל=קאפ, א נארישער עקשן.

don'key-en'gine *n.* (דאנ'-קי-ענ'-דזשין) א הילפס=דאמפף=מאשין [א קליינע דאמפף=מאשין, וועלכע ווערט געהאלטען אין רעזערוו אין פאל די הויפט=מאשין ווערט קאליע, אדער וועלכע ווערט געברויכט פאר ניט שווערער און וועניגער וויכטיגער ארבייט].

don'key-pump *n.* (דאנ'-קי-פאמפ) א הילפס=פומפ; א קליינע פומפ צום אנפילען א דאמפף=קעסעל.

don'key-race *n.* (דאנ'-קי-רייס) א וועט=לויף, ביי וועלכען עס געווינט ניט דער, ווער עס קומט צום ציעל דער ערשטער, נאר דער, ווער עס קומט דער לעצטער.

don'key-rest *n.* (דאנ'-קי-רעסט) אין פאפיער=פאבריקען — א ראהם, אויף וועלכער מען טריקענט דאס פאפיער.

don'na *n.* (דאנ'-א) א דאנא [איטאליענישער אדער פארטוגעזישער אויסדרוק פאר "מאדאם"].

don'nish *a.* (דאנ'-איש) וואס איז שייך צו א דאן [ז. *don*]; מעשה גרויסער מאן, מעשה גדול.

don'nism *n.* (דאנ'-איזם) דאס האלטען זיך מעשה גדול.

do'nor *n.* (דאו'-נאר) איינער וואס שענקט אדער איז מנדב; איינער וואס

שענקט אוועק לאנד־איינענטום אויף דעם אופן, אז עס זאל ניט קענען פערקויפט ווערען, נאר זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; איינער וואס ניט איבער א צווייטען זיין מאכט אויף איינענטום.

do'nothing *n. and a.* (דו'-נאטה-אינג) א טויגעניכטס, א פוילענצער; פויל, אונטהעטיג.

do'nothingness *n.* (דו'-נאטה-אינג-נעס) פוילקייט, אונטהעטיגקייט.

Don Quixo'te (דאן קי-האו'-טיי) א דאן קיכאט, א פאנטאזיאר, א נארישער, עהרליכער טרוימער: איינער וואס שלאגט זיך מיט ווינד־מיהלען [דאס איז דער נאמען פון דעם העלד פון א בעריהמטען ראמאן פון דעם שפאנישען שרייבער סערוואנטעס. דער ראמאן איז ערשיענען אין די יאהרען 1605—1615].

don'ship *n.* (דאנ'-שיפ) דאס האבען דעם ראנג פון א דאן. ז. *don*.

don't (דאונט) אן אבקירצונג פון *do not*

don't men'tion it (דאונט מענ'-שאן איט) ניטא פאר וואס צו דאנקען.

doo'dle *n.* (דוה'דל) א פוילענצער; א טויגעניכטס; א נאר.

doo'dledoo (דוה'דל-דוה) קו־קו־רע־קו! [דאס קרעהען פון א האהן].

doo'dlesack *n.* (דוהדל'-סעק) א דודעלזאק [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט]. ז. *bagpipe*.

doom *n. and v.* (דוהם) א משפט, אן אורטייל; פעראורטיילונג; א שטראף־אורטייל; שיקזאל, מזל, גורל; פעראורטיילען; בעשטימען אלס שטראף.

doom'ful *a.* (דוהמ'-פול) שרעקליך, פערניכטענד, צושטערענד, פערפלוכט.

doom'-palm *n.* (דוהמ'-פאהם) די דום־פאלמע אדער פעכער־פאלמע [אזא פאלמע מיט פעכער־עהנליכע בלעטער, וואקסט אין אפריקא].

Doom-palm

dooms'day *n.* (דוהמז'-דיי) דער גערִיכטס־טאג, דער יום הדין; דער לעצטער יום הדין, ווען די גאנצע וועלט וועט גע'משפט ווערען; דער טאג פון טויט.

Dooms'day *n.* (דוהמז'-דיי) ז. *Doomsday Book*.

Dooms'day Book (דוהמז'-דיי בוק) א צענזוס־בוך וועגען די לאנד־בעזיצונגען אין ענגלאנד, צוזאמענגעשטעלט אויף'ן בעפעהל פון וויליאם דעם עראבערער און פערענדיגט אין יאהר 1086 [דאס בוך ווערט אזוי גערופען, ווייל דאס וואס ווערט דארט אנגעגעבען איז בעטראכט געווען אלס ענדגילטיג און ענטשיידענד].

do one right (דו הוואן ראיט) זיין גערעכט צו אימעצען.

do one's best (דו הוואנז בעסט) טהאן דאס בעסטע וואס מען קען, אנווענדען אלע מעגליכקייטען.

do one's ease'ment (דו הוואנז איז'-מענט) זיך פערלייכטערען די לאגע.

do one's lev'el best (דו הוואנז לעוו'-על בעסט) טהאן אלעס וואס איז מעגליך.

do one's part (דו הוואנז פארט) דאס זייניגע אבטהאן.

door *n.* (דאור) א טהיר; אן אריינגאנג, אן ארויסגאנג, א דורכגאנג, אן עפענונג, א צוטריט.

door'-bar *n.* (דאור'-באר) א טהיר־ריגעל.

door'-bell *n.* (דאור'-בעל) א טהיר־גלעקעל.

door'-bolt *n.* (דאור'-באולט) ז. *door-bar*.

door'-case *n.* (דאור'-קיים) דאס טהיר־געשטעל, די ראהם פון א טהיר, די טהיר־איינפאסונג.

door'-chain *n.* (דאור'-טשיין) א קייטעל, מיט וועלכען מען פערקייטעלט א טהיר אזוי, אז זי קען זיך נאר עטוואס עפענען.

door'-frame *n.* (דאור'-פריים) די טהיר־ראהם.

door'-han'dle *n.* (דאור'-הענדל) דאס הענטעל פון א טהיר, א קליאמקע.

door'keeper *n.* (דאור'-קיע-פער) איינער וועלכער היט די טהיר אדער דעם אריינגאנג אין א הויז, א טהיר־וועכטער; אין די קאטוילישע קלויסטערס — דער טויער־וועכטער.

door'-knob *n.* (דאור'-נאב) ז. *door-handle*.

door'-knock'er *n.* (דאור'-נאק'-ער) א רינג אדער א שטיקעל אייזען וואס הענגט איבער דער טהיר אנצוקלאפען אין טהיר.

door'-latch *n.* (דאור'-לעטש) א טהיר־קליאמקע.

door'less *a.* (דאור'-לעס) אהן א טהיר; אהן א צוגאנג.

door'-mat *n.* (דאור'-מעט) א פוס־רייניגער [א מין ראגאזשע אדער דיקער קאוויאר וואס ליעגט נעבען טהיר כדי אבצואווישען דעם שמוץ פון די שיך ביים אריינגעהן].

door'-nail *n.* (דאור'-נייל) א טשוואק מיט א ברייטען קעפעל, וועלכער איז אריינגעשלאגען אין טהיר און אויף וועלכען מען קלאפט אן מיט דעם הענגענדען אייזערנעם קלאפער.

door'-plate *n.* (דאור'-פלייט) א בלעכעל אויף א טהיר, אויף וועלכען עס איז אויסגעקריצט דער נאמען פון דעם, ווער עס וואהנט אין הויז.

door'-post *n.* (דאור'-פאוסט) דאס ביישטידעל פון א טהיר.

door'-pull *n.* (דאור'-פול) דאס הענטעל מיט וועלכען מען עפענט און פערמאכט א טהיר.

door'-scra'per *n.* (דאור'-סקריי'-פער) דער קראץ־אייזען ביים טהיר [אבצוקראצען די בלאטע פון די שיך].

door'-secur'er *n.* (דאור'-סי-קיור'-ער) א טהיר־שטאנג [צו פערשפארען די טהיר].

door'-sill *n.* (דאור'-סיל) א טהיר־שוועל.

door'-spring *n.* (דאור'-ספרינג) די טהיר־פעדער [אן אפאראט, אז די טהיר זאל זיך פון זיך אליין צומאכען].

door'-step *n.* (דאור'-סטעפ) די טרעפ פאר דער הויז־טהיר; די שוועל.

door'-stone *n.* (דאור'-סטאון) דער שטיין ביי דער שוועל פון טהיר.

door'-strip *n.* (דאור'-סטריפ) א פאס אדער א לייסט, מיט וועלכען די ברעגעס פון א טהיר זיינען ארומגעשלאגען, כדי ניט דורכצולאזען קיין ווינד בעת די טהיר איז פערמאכט.

door'wards *adv.* (דאור'-הווארדז) צו דער טהיר צו.

door'way *n.* (דאור'-הוויי) אין ארכיטעקטור — דאס ארט וואו די טהיר איז, דער אריינגאנג; די טהיר.

door'yard *n.* (דאור'-יארד) אן ארומגעצאמטער קליינער הויף ארום דער טהיר פון א הויז.

do o'ver (דו או'-ווער) ווידערהאלען, טהאן נאך אמאל; בעדעקען מיט פארב, אויסשמירען.

dope *n. and v.* (דאופ) א געדיכטע פליסיגקייט, ווי געדיכטע סאוס אדער טייג; דאס וואס מאכט גלאט אדער גליטשיג, ווי דאס שמירעכץ פון אן אקס; אפיום, בעזאנדערס דאס געדיכטע אפיום־טייג וואס ווערט געברויכט צום רויכערען; א נארקאטישער מיטעל, ווי האשיש, אפיום א. ד. ג.; א מענש וואס געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון נארקאטישע מיטלען; קארמענען מיט רפואות.

dor *n.* (דאהר) אזא גרויסער שווארצער קעפער [זשוק] וואס איז בעקאנט מיט דעם גערויש וועלכען ער מאכט פליהענדיג.

Do'rian *n. and a.* (דאו'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם אלט־גריכישען דיסטריקט דארים; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון דארים; אן איינוואהנער פון דארים.

Dor'ic *n. and a.* (דאר'-איק) וואס איז שייך צו דעם אלט־גריכישען דיסטריקט דארים אדער צו די דארטיגע איינוואהנער, צו זייער קולטור, קונסט, שפראך א. ד. ג.; די דארישע שפראך [וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר ברייטער און הארטער אויסשפראכע]; א שפראך מיט א ברייטער און הארטער אויסשפראכע.

Dor'icism *n.* (דאר'-אי-סיזם) די אייגענטימליכקייט פון דעם דארישען שפראך־דיאלעקט.

Dor'ic or'der (דאר'-איק אהר'-דער) די דארישע זיילען־ארדנונג, דער דארישער זייל [אן איינפאכער זייל אהן בעציערונגען און מיט איינשניטע אין דער לענג].

Doric Order

Do'rism *n.* (דאו'-ריזם) ז. *Doricism*.

dor'king *n.* (דאהר'-קינג) אזא גאטונג גרויסע היהנער וואס לעגען פיעל אייער און זייער פלייש האט א גוטען געשמאק.

dorm *n.* (דאהרם) א שלומער, א שלאף.

dor'mancy *n.* (דאהר'-מענ-סי) שלומער, רוה, שלאף.

dor'mant *a.* (דאהר'-מענט) שלומערענד, שלאפענד; שטיל; ליעגענדיג ווי אין שלאף.

dor'mant part'ner (דאהר'-מענט פארט'-נער) א שטילער שותף [אזעלכער וואס איז ניט טהעטיג].

dor'mer *n.* (דאהר'-מער) א שלאף=צימער; א דאך=פענסטער, א מאנסארדע פענסטער.

Dormer

dor'mer-win'dow *n.* (דאהר'-מער-הווינ'-דאו) א דאך=פענסטער, א מאנסארדע פענסטער.

dor'mitive *n. and a.* (דאהר'-מי-טיוו) וואס פערשלעפערט; א שלאף=מיטעל.

dor'mitory *n.* (דאהר'-מי-טא-רי) א שלאף=צימער; א טייל פון א האטעל, קאזארמע א. ז. וו. וואס בעשטעהט פון שלאף=צימערן.

dor'mouse *n.* (דאהר'-מאוס) די שלאף=מויז; די וועווערקע=מויז [אזא שעהן חיה'לע וואס שלאפט אין ווינטער. עס איז א ביסעל עהנליך צו א מויז, האט אבער א לאנגען האריגען עק].

Dormouse

dor'nick *n.* (דאהר'-ניק) א שטיקעל פון א פעלזען=שטיין; א שטיינדעל.

dorp *n.* (דאהרפ) א דערפעל.

dorsabdom'inal *a.* (דאהר-סעב-דאמ'-אי-נעל) וואס איז שייך צום רוקען און צום בויך.

dor'sad *adv.* (דאהר'-סעד) צום רוקען.

dor'sal *n. and a.* (דאהר'-סעל) וואס געהערט צום רוקען; די רוקען=פלאספעדער פון א פיש.

dor'sally *adv.* (דאהר'-סעל-אי) אויף'ן רוקען; צום רוקען צו.

d'Orsay' *n.* (דאר-סיי') אזא קארעטע אויף פרוזשינעס.

dorse *n.* (דאהרס) א שטיק פערציערטע שטאף וואס ווערט בענוצט צו בעהענגען דעם לעהן פון א שטוהל; א יונגער שטאקפיש. ז. *cod*.

dor'sum *n.* (דאהר'-סאם) דער רוקען.

do'ry *n.* (דאו'-רי) העריגגס=קעניג אדער סט. פעטער'ס פיש, אזא פלאטשיגער ים=פיש מיט לאנגע פלאספעדערען אויף'ן רוקען; אזא קליין פלאטשיג פישער=שיפעל.



Dory

dose *n. and v.* (דאוס) א דאזע, א פארציאן; א בעשטימטער טייל פון א רפואה, וואס א חולה דארף איינגעהמען אדער איינשלינגען מיט איין מאל; אן אונאנגענעהמע זאך וואס מען דארף אראבשלינגען; די מאס פון דעם, וואס עס ווערט צוגעגעבען צו ווייך [ווי סיראפ אדער קאניאק], כדי דער וויין זאל בעקומען אן אנדער טעם; פאנאנדערטיילען אין דאזען אדער פארציאנען; געבען איינעם רפואות; פערפראוועו וויין.

dosim'etry *n.* (דאו-סימ'-ע-טרי) דאס מעסטען דאזען אדער טראפען פון א רעצעפט.

doss *v.* (דאס) שטויסען מיט די הערנער; ווארפען, שליידערען; צאהלען.

dos'ser *n.* (דאס'-ער) רייכע בעציערונגען [ווי קאווירען א. ד. ג.] אויף די ווענד פון א קארידאר אדער קלויסטער.

dos'sil *n.* (דאס'-איל) א קנייטעל קארפע [צום היילען א וואונד]; א שפונט אין א פאס.

doss out (דאס אוט) נעכטיגען אונטער'ן פרייען הימעל.

dot *n. and v.* (דאט) א פונקט, א פינטעל; פונקטירען, מאכען פינטעלעך.

do'tage *n.* (דאו'-טיידזש) אלטקייט, עובר בטל, דאס קינדיש ווערען [אויף דער עלטער]; פערשטאנדלאזיגקייט; א וואהנזיניגע ליידענשאפטליכע ליעבע.

do'tal *a.* (דאו'-טעל) וואס געהערט צו נדן.

do'tard *n. and a.* (דאו'-טארד) איינער וואס ווערט קינדיש אויף דער עלטער; אן עובר בטל; איינער וואס איז וואהנזיניג פון ליידענשאפטליכער ליעבע; נאריש, ווי אן עובר=בטל.

do'tardly *a.* (דאו'-טארד-לי) ווי אן עובר=בטל, שוואך.

do'tardy *n.* (דאו'-טאר-די) דאס זיין אן עובר בטל.

dota'tion *n.* (דא-טיי'-שאן) נדן, חתונה=אויסשטאטונג, אויסשטייער; די בעשענקונג.

dote *v.* (דאוט) ווערען קינדיש אדער אונזיניג פון אלטקייט; זיין וואהנזיניג פערליעבט.

2. He dotes on his wife.

do'ter *n.* (דאו'-טער) דער נאריש=פערליעבטער.

do the con'tinent (דו טהי קאנ'-טי-נענט) בערייזען איירעפא [אן אויסדרוק אין ענגלאנד און אין די פעראייניגטע שטאאטען].

do the polite' (דו טהי פא-לאיט') שפיעלען די ראלע פון א העפליכען מענשען.

do'ting *a.* (דאו'-טינג) פערליעבט איבער די אויערען; קינדיש געווארען פון אלטקייט.

do'tingly *adv.* (דאו'-טינג-לי) מעשה נאר, נאריש, ווי א נאריש=פערליעבטער.

do'tish *a.* (דאו'-טיש) נאריש, שוואך; נאריש פערליעבט.

dot'ted *a.* (דאט'-עד) פונקטירט; געפלעקט.

dot'ted line (דאט'-עד לאין) א פונקטירטע ליניע [א ליניע וועלכע בעשטעהט פון א רייה פונקטען].

dot'ted note (דאט'-עד נאוט) אין מוזיק — א נאטע וואס איז בעצייכענט מיט א פונקט.

dot'terel *n.* (דאט'-ער-על) דער בראך=פויגעל [א קליינער איירעפעאישער און אזיאטישער פויגעל, ביי וועלכען דער בויך איז שווארץ, די ברוסט איז געלב און דער האלז איז ווייס און שווארץ. ער צייכענט זיך אוים דערמיט, וואס ער לאזט זיך לייכט אריינגנארען און געפאנגען ווערען]; א מענש וואס לאזט זיך לייכט אריינגנארען, א טיפש.

dot'-wheel *n.* (דאט'-הוויעל) א צייהן=רעדעל מיט א הענטעל [ווערט בענוצט אין בוכבינדעריי און ביי אנדערע מלאכות].

doub'le *n., a., adv. and v.* (דאבל) דאפעלט, געדאפעלט, צווייפאך; צוויי מאל אזוי פיעל; דאפעלזיניג, צווייידייטיג; פאלש, צווייזייטיג; בעטריגעריש; שווינדלעריש; דאס דאפעלטע; א דופליקאט, א קאפיע; עטוואס וואס האט דעמזעלבען אויסזעהן ווי אן אנדער זאך; צווייידייטיגקייט; פאלשקייט; א שווינדעל; א דרייעל; דער געשפענסט פון א מענשען וואס בעווייזט זיך צו איהם אליין אדער צו אן אנדערען אלס א צייכען פון טויט, ווי דאס פאלק גלויבט; א זייטען=שפרונג, א זייטען=ווענדונג [ביים אנטלויפען, אז דער נאכיאגער זאל ניט קענען כאפען]; א ווידערהאלונג פון ווערטער אין א ליעד; דאפלען, פערדאפלען; ווידערהאלען, איבער'חזר'ען נאך אמאל; זיך פערדאפלען; ארומשיפען, ארומזעגלען מיט א שיף; פערמאכען די האנד; מאכען א זייטען=שפרונג אין לויפען; מאכען פאלשקייטען אדער דריידלעך.

doub'le-ac'ting *a.* (דאבל'-עק'-טינג) דאפעל=ווירקענד [וועגען א קראפט וואס ווירקט אין צוויי ריכטונגען].

doub'le back (דאבל בעק) צוריקשלאגען; געבען חזרה [קלעפ].

doub'le-bank *v.* (דאבל'-בענק) ארבייטען פארוויז [בעזאנדערס רודערען פארוויז].

doub'le-bar'reled *a.* (דאבל'-בער'-עלד) צוויי=לויפיג [פון א ביקס אדער פיסטאלעט וואס ווערט געלאדען מיט צוויי קוילען]; וואס האט א דאפעלטע ווירקונג.

doub'le-bass *n.* (דאבל'-בייס) א קאנטרא=באס, א באנדורא.

doub'le blow on blow (דאבל בלאו אן בלאו) געבען א קלאפ נאך א קלאפ.

doub'le bot'tom (דאבל באט'-אם) א דאפעלטער דעק.

drift *n. and v.* (דריפט) דאס וואס ווערט געטריבען דורך א שטראם פון וואַ= סער אדער לופט; א קופע [פון זאמד, שנעע א. ד. ג.] וואס דער ווינד טרייבט צונויף אינאיינעם; דער גאנג פון עפעס, די נייגונג, די טענדענץ; א טרייב=קראפט, אן אימפולס, די ווירקענדע קראפט; א סטאדע, א מענגע אדער אן עולם וואס ווערט געטריבען פארווערטס; אין אר= כיטעקטור — דער דרוק פון אן ארקע אויף די זייטען; אן אינסטרומענט צו מאכען ברייטער און גלאטער די ברעגעס פון א לאך אין א מעטאלענער פלאטע; א האריזאנטאלער אריינגאנג אין א שאכ= טע; דער גאנג פון א שיף וואס ווערט אבגעטראגען מיט'ן שטראם; זיין געטרי= בען פארווערטס דורך א שטראם פון וואַ= סער אדער לופט; זיין געטריבען דורך אן אויסערער קראפט; צונויפטרייבען אין קו= פעס; בעדעקען מיט קופעס אדער הויי= פענס; גראבען אין א האריזאנטאלער ריכ= טונג; טרייבען.

drift'-bolt *n.* (דריפט'-באולט) א טרייב= באלץ [א שטאהלענער באלץ וואס ווערט בענוצט ארויסצוקלאפען אנדערע באלצען פון זייער ארט].

drift'less *a.* (דריפט'-לעס) צוועקלאז; אהן בעשטרעבונגען; פריי פון צוזאמענ= געטראגענע קופעס זאמד אדער שנעע.

drift of bul'lets (דריפט אוו בול'-עטס) א רעגען פון קוילען.

drift'-sail *n.* (דריפט'-סייל) א שיפס= זעגעל וואס בויגט ארונטער די פאדער= זייט פון שיף בעת א שטורם.

drifts of ice (דריפטס אוו איס) קריי= עס, שטיקער שווימענדע אייז.

drifts of sand (דריפטס אוו סענד) קופעס זאמד צונויפגעטריבען פון ווינד.

drifts of snow (דריפטס אוו סנאו) קופעס שנעע צוזאמענגעטראגען פון ווינד.

drift'way *n.* (דריפט'-הוויי) דער וועג, איבער וועלכען פיה ווערען געטריבען; דער גאנג פון א שיף וועלכע ווערט פערטראגען פון שטראם.

drift'wood *n.* (דריפט'-הוואוד) שטי= קער האלץ וואס ווערען אראבגעטראגען מיט'ן שטראם און ווערען געפונען ביים ברעג ים אדער טייך.

drif'ty *a.* (דריפ'-טי) וואס בילדעט אוים קופעס צונויפגעוועהעטע שנעע.

drill *v. and n.* (דריל) דרילען, בויע= רען; איינמושטירען אדער איינלערנען סאלדאטען אין מיליטער=דיענסט; זיך אי= בען אין מיליטער=דיענסט, ווי סאלדא= טען; מאנעווירירען וואגאנעס פון אן איי= זענבאהן כדי זיי צונויפצושטעלען אין א צוג; זייהען אין אויפגעאקערטע שורות; לאזען פליסען; טריפען, לאנגזאם פליסען; א דריל, א בויערער; א זייה=מאשין; א פערזייהעטע שורה; א זייה=קארב אדער א זייה=זאק; דאס איינמושטירען אדער איינ= לערנען סאלדאטען אין מיליטער=דיענסט.

Drill

drill'-bit *n.* (דריל'-ביט) א דריל, א בויערער.

drill'er *n.* (דריל'-ער) איינער וואס דרילט אדער בויערט.

drill'-gage *n.* (דריל'-גיידזש) א געצייג איינצושטעלען דעם ווינקעל פון דעם שארף פון א דריל.

drill'-har'row *n.* (דריל'-הער'-או) אזא קליינע בראנעווע.

drill'-hol'der *n.* (דריל'-האול'-דער) א געשטעל אין וועלכען עס ווערט אריינגע= שטעלט א דריל אדער א בויערער.

drill'-hus'bandry *n.* (דריל'-האז'- בענ-דרי) דאס זייהען אין שורות.

drill'ing *n.* (דריל'-אינג) דאס מאטעריאל וואס ווערט ארויסגעבויערט מיט א דריל; דאס דרילען, דאס בויערען; אזא זארט שטארק געוועבטעס לייווענט אדער באוועל= שטאף.

drill'ing-jig *n.* (דריל'-אינג-דזשיג) אזא קליינע האנד=דריל=מאשין.

drill'ing-machine' *n.* (דריל'-אינג- מע-שין') א דריל=מאשין [א מאשין צו בויערען לעכער].

drill'-instruc'tor *n.* (דריל'-אינ- סטראק'-טאר) איינער וואס לערענט אדער מושטירט איין סאלדאטען אין מיליטער= דיענסט.

drill in'to (דריל אינ'-טו) אריינפוי= קען [אין קאפ].

The teacher is **drilling** the arithmetic lesson into the minds of the pupils.

drill'-mas'ter *n.* (דריל'-מעס'-טער) איינער וואס לערענט אדער מושטירט איין סאלדאטען אין מיליטער=דיענסט; אן אריינפויקער, אן איינ'חזר'ער.

drill'-press *n.* (דריל'-פרעס) אזא דריל= מאשין צו בויערען לעכער אין מעטאל.

drills *n.* (דרילז) אזא זארט שטארק גע= וועבטעס לייוונט אדער באוועל=שטאף.

drill'-ser'geant *n.* (דריל'-סאר'- דזשענט) אן אונטער=אפיציער וואס מו= שטירט איין סאלדאטען אין מיליטער= דיענסט.

drill time away' (דריל טאים ע-הוויי') פאטר'ען צייט.

dri'ly *adv.* (דראי'-לי) טרוקען, אהן פייכטקייט; אהן טעם; אויף א טרוקענעם, קאלטען אדער אונהעפליכען שטייגער.

drink *v. and n.* (דרינק) טרינקען; שכור'ען; איינזויגען; א געטראנק; א טרונק.

drink'able *a. and n.* (דרינק'-עבל) טרינקבאר, וואס קען געטרונקען ווערען; א ליקער וואס קען געטרונקען ווערען.

drink'ableness *n.* (דרינק'-עבל-נעס) דאס זיין טרינקבאר.

drink a toast (דרינק ע טאוסט) טרינ= קען א טאסט, האלטען א טרינק=רעדע פאר אימיצענס געזונד.

drink deep (דרינק דיעפ) גוט אריינגיי= סען, זיך גוט אנ'שכור'ען.

drink down (דרינק דאון) פערטרינקען [דעם שכל, די צרות א. ז. וו.].

drink'er *n.* (דרינק'-ער) א טרינקער, א שכור.

drink hard (דרינק הארד) שטארק טרינקען, שכור'ען.

drink high (דרינק האי) שטארק טרינ= קען.

drink in (דרינק אין) איינזויגען אין זיך; אריינגעהמען אין זיך [ווי אן אידעע, א לעהרע א. ד. ג.].

drink'ing *n. and a.* (דרינק'-אינג) דאס טרינקען, דאס שכור'ען, שכרות; וואס איז איבערגעגעבען צום טרונק.

drink'ing-bout *n.* (דרינק'-אינג-באוט) א הוליאנקע, א טרינק=געזעלשאפט.

drink'ing-horn *n.* (דרינק'-אינג-הארן) א טרינק=הארן [א טרינק=כלי געמאכט פון א הארן].

drink'-mon'ey *n.* (דרינק'-מאנ'-אי) טרינק־געלד.

drink off (דרינק אף) אויסטרינקען ביז'ן דעק.

drink'-of'fering *n.* (דרינק'-אפ'-ער-אינג) א קרבן נסך, א טראנק־אפפער [דער קרבן פון וויין אמאל ביי אידען].

drink round (דרינק ראונד) טרינקען כסדר אין דער רונד [דער בעכער זאל ארומגעהן פון איינעם צום צווייטען].

drink the health (דרינק טהי העלטה) טרינקען פאר אימעצענס געזונד.

drink to (דרינק טו) טרינקען לחיים, טרינקען פאר אימעצענס געזונד.

drink to the pin (דרינק טו טהי פין) אויסטרינקען ביז'ן דעק.

drink up (דרינק אפ) אויסטרינקען ביז'ן דעק; אויסזויגען, ארויסציהען די פייכטקייט.

drip *v. and n.* (דריפ) טריפען; קאפען; א טראפען, א טריף; דאס טריפען, דאס קאפען.

drip'ping *n.* (דריפ'-אינג) עטוואס וואס טריפט; דאס טריפען; בראטען־פעט [וואס טריפט אראב].

drip'ping-pan *n.* (דריפ'-אינג-פען) א פאן אויפצונעהמען דאס ארונטערגעטריפטע בראטען־פעט.

drip'-pipe *n.* (דריפ'-פאיפ) אזא שמאל רעהרעל אין א דאמפף־מאשין דורך וועלכען עס לויפט אב דאס וואסער וואס בילדעט זיך פון אבגעקיהלטען דאמפף.

drip'stone *n.* (דריפ'-סטאון) א קארניז איבער א טהיר אדער פענסטער וואס איז געמאכט ניט צו דערלאזען, אז דאס רעגען־וואסער זאל אריין אין שטוב.

drive *v. and n.* (דראיוו) טרייבען, יאגען, פערפאלגען, צווינגען; פיהרען [אויף א שפאציער] אויף א וואגען; פאהרען שפאציערען; געטריבען ווערען; שטרעבען, זיך ציעלען; א שטארקען קלאפ. טהאן; אנגעהן, אנפיהרען [ווי א געשעפט]; דאס טרייבען, דאס יאגען; א שטארקער קלאפ; עטוואס וואס ווערט געטריבען [ווי בהמות]; דאס פאהרען שפאציערען; דאס זיין געיאגט אדער געטריבען; איילעניש; לויף; א וועג פאר א שפאציער־פאהר; דאס פערקויפען עטוואס אונטער דעם פרייז, כדי צוצוציהען קונים; א שפאס, א שטאך־ווארט.

drive a bar'gain (דראיוו ע באר'-גען) אבמאכען, שליסען א מסחור.

drive against' (דראיוו ע-גענסט') ארויפלויפען, זיך אנשטויסען אדער ארויפפאלען [אויף אימעצען אדער עטוואס].

drive an ar'gument (דראיוו ען אר'-גיו-מענט) בעשטעהן אויף איינעמס בעהויפטונג, בעווייזען איינעמס בעהויפטונג.

drive at (דראיוו עט) 1. טרייבען צו; אנפאלען; 2. זיך ציעלעווען, האבען אין זינען, בעאבזיכטיגען.

2. What is he **driving** at?

drive a trade (דראיוו ע טרייד) ז. *drive a bargain*.

drive full (דראיוו פול) רייטען אין גאלאפ, רייטען שנעל.

drive in'to a cor'ner (דראיוו אינ'-טו ע קאהר'-נער) ז. *drive to the wall*.

driv'el *v. and n.* (דריוול) גאווערען, סלונען, לאזען סלונע פון מויל; זיין קרענקליך, נאריש אדער אידיאטיש; רעדען אדער האנדלען נאריש אדער אידיאטיש; סלונע; נארישקייט; זינלאזינקייט; אידיאטישע פלוידעריי.

driv'eler *n.* (דריוול'-ער) איינער וואס גאווערט, איינער וואס לאזט סלונע פון מויל, אדער סלונעט; א נאר, אן אידיאט.

driv'eller *n.* (דריוול'-ער) ז. *driveler*.

drive mad (דראיוו מעד) טרייבען צו משוגעת.

driv'en (דריוון) געפאהרען, געטריבען. ז. *drive*.

driv'en snow (דריוון סנאו) פריש־געפאלענער שנעע.

His clothes are as white as the **driven** snow.

drive off the stage (דראיוו אף טהי סטיידזש) אויספייפען אן אקטיאר.

drive one's hogs (דראיוו הוואנז האגז) שטארק שנארכען אדער כראפען.

drive out (דראיוו אוט) אין דרוקעריי — שפאיצען [מאכען שיטערער די בוכשטאבען אדער שורות, אויסשפרייטען דעם זאץ].

drive o'ver (דראיוו או'-ווער) ז. *drive out*.

drive pigs (דראיוו פיגז) ריידען מיט'ן ר־ר־ריש.

dri'ver *n.* (דראי'-ווער) איינער אדער עטוואס וואס טרייבט; א טרייבער, אן אנטרייבער; א קוטשער; א פוהרמאן; א לאקאמאטיוו־אינזשינער אדער מאשיניסט; א טרייב־ראד; אזא גרויסער זעגעל אויף א שיף.

drive tab (דראיוו טעב) אויספאהרען שפאציערען מיט דער פאמיליע.

drive tan'dem (דראיוו טענ'-דעם) פאהרען נאשפיץ [די פערד געשפאנט אין רייה איינס נאך'ן אנדערען].

drive the ball (דראיוו טהי באהל) אין קריקעט אדער טענים — שנעל א ווארף טהאן דעם באל [פילקע].

drive to an extrem'ity (דראיוו טו ען עקס-טרעמ'-אי-טי) פערגעהן צו ווייט אין עפעס.

drive to despair' (דראיוו טו דעס-פעהר') טרייבען צו פערצווייפלונג.

drive to straits (דראיוו טו סטרייטס) ז. *drive to the wall*.

drive to the wall (דראיוו טו טהי הוואהל) צודריקען צו דער וואנד; ברייננגען אין א לאגע, פון וועלכער מען קען זיך ניט ארויסדרעהען; ברייננגען אין א פערלעגענהייט.

drive to wit's end (דראיוו טו הוויטס ענד) ברייננגען צו דער העכסטער שטופע פון פערלעגענהייט; שטארק צוטומלען.

drive up (דראיוו אפ) איבערטרייבען, איבערשטייגען, ארויפטרייבען די פרייז [אויף אן אויקציאן]; ארויפפאהרען, צופאהרען, פערפאהרען [צו עפעס אדער צו אימעצען].

drive'way *n.* (דראיוו'-הוויי) א וועג צום פאהרען; א וועג, וואו מען פאהרט שפאציערען [הויפטזעכליך דער וועג פון א הויז צו דער גאס].

dri'ving-box *n.* (דראי'-ווינג-באקס) א קעלניע, קאזלעס.

dri'ving-gear *n.* (דראי'-ווינג-גיער) די טריב־ווערק פון א מאשין.

dri'ving-gloves *n.* (דראי'-ווינג-גלאוון) פאהר־הענטשקעס [וועלכע מען טראגט ביים האלטען די לייצעס].

dri'ving-reins *n.* (דראי'-ווינג-ריינז) לייצעס.

dri'ving-seat *n.* (דראי'-ווינג-סיעט) א קעלניע, קאזלעס.

dri'ving-shaft *n.* (דראי'-ווינג-שעפט) דער טרייב־וואל [דער וואל וואס גיט איבער די בעוועגונג פון דער טרייב־ראד צו דער מאשינעריע].

dri'ving-spring *n.* (דראי'-ווינג-ספרינג) די שפרינג־פעדער אדער די טרייב־פרוזשינע [ביי א לאקאמאטיוו].

dri'ving-wheel *n.* (דראי'-ווינג-הוויעל) אין מעכאניק — די הויפט־ראד, וועלכע בריינגט אין בעוועגונג אנדערע רעדער.

dri'ving-whip *n.* (דראי'-ווינג-הוויפ) א בייטש.

driz'zle *v. and n.* (דריזל) פאלען אין קליינע טראפענס ווי א שפריי־רעגען; רעגענען אין קליינע טראפענס; א שפריי־רעגען, א קליינער רעגען.

driz'zly *a.* (דריז'-לי) טריפענדיג ווי א קליינער דינער רעגען.

dro'ger *n.* (דראו'-גער) אזא קליינע וועסט־אינדישע שיף פאר משא.

dro'gher *n.* (דראו'-גער) ז. *droger*.

droit' *n.* (דרוא) דאס רעכט; דאס רעכט אויף אייגענטום, בעזאנדערס אויף לאנד־אייגענטום; פפליכט; מנהג.

droi'tural *a.* (דראי'-טשו-רעל) וואס איז שייך צו אייגענטומס רעכט אויף לאנד.

droll *a., n. and v.* (דראול) לוסטיג, לעכערליך, קאמיש; א קאמיקער; א וויצלינג; א פאיאץ; א שפאס־מאכער; זיך מאכען לוסטיג אדער נאריש; מאכען קאמישע שטיק אדער שפאס.

droll'ery *n.* (דראול'-ער-אי) פאיאצעריי; קאמיזם, שפאס, הומאר, וויץ; דאס מאכען קאמישע שטיק.

droll'ingly *adv.* (דראול'-אינג-לי) אויף א קאמישען אדער שפאסיגען אופן.

droll'ish *a.* (דראול'-איש) קאמיש, לעכערליך, שפאסיג.

droll'y *adv.* (דראול'-אי) אויף א קאמישען אדער לעכערליכען אופן.

drom'edary *n.* (דראמ'-אי-דיי-רי) א דראמעדער [אן אראבישער רייט־קעמעל מיט איין הארב].

drone *n. and v.* (דראון) א פוילענצער; דאס זשומען פון א ביען; די דראהנע [דער זכר פון ביענען]; דאס באס־פייפעל פון א דודעל־זאק; זשומען ווי א ביען; ריידען, לייענען אדער זינגען מיט איין טאן [ווי דאס זשומען פון א ביען]; ארומגעהן ליידיג, פוילענצען.

drone'-cell *n.* (דראונ'-סעל) איינע פון די וואקס־צעלען אין ביען־שטאק וואו עס ליעגט דאס אייעלע פון וועלכען עס קומט ארויס א דראהנע [א זכר פון ביענען].

drone'-fly *n.* (דראונ'-פלאי) די דראהנען־פליעג [א גרויסע פליעג וואס זעהט אויס ווי א ביען].

drone'-pipe *n.* (דראונ'-פאיפ) דאס באס־פייפעל פון א דודעל־זאק.

dro'nish *a.* (דראו'-ניש) פויל.

dro'nishly *adv.* (דראו'-ניש-לי) אויף דעם שטייגער פון א פוילענצער; פויל.

dro'nishness *n.* (דראו'-ניש-נעס) פוילענצעריי, פוילקייט.

drool *v.* (דרוהל) גאווערען, סלונען [ווי א קינד].

droop *v. and n.* (דרוהפ) זיך איינבויגען; זינקען דעם קאפ, אראבהייננגען, לאזען הייננגען [דעם קאפ]; שוואך ווערען; וועלקען; שמאכטען; זינקען, פאלען, ענטמוטיגט ווערען; קומען שטופענווייז צו אן ענד; דאס איינבויגען זיך; דאס נידערזינקען.

droo'ping *a.* (דרוה'-פינג) שמאכטענד; מוטלאז.

droo'pingly *adv.* (דרוה'-פינג-לי) אהן מוטה; שמאכטענדיג.

droo'ping wil'low (דרוה'-פינג הוויל'-או) טרויערווײדע [אזא בוים מיט אראבגעהאנגענע צווייגען].

drop *v. and n.* (דראפ) טריפען; גיסען טראפּענווייז; בעשפּריצען; פאלען; פאלען טויט; טויטען [הויפּטזעכליך דורך א שאס]; זינקען [צו א נידריגערער מדרגה]; זיך ארונטערלאזען; אוועקווארפען; לאזען זינקען אדער פאלען; זיך ענדיגען, אויפהערען; אויפגעבען; אבברעכען [א געשפּרעך, בעקאנטשאפט, פערבינדונגען א. ד. ג.]; געבערען [וועגען חיות]; זיך ארויסכאפּען [מיט א ווארט אדער פראזע]; א טראפּען; אביסעל [וועגען פליסיגקייטען]; עטוואס וואס היינגט אראב אדער פאלט; עטוואס מיט וואס מען לאזט ארונטער זאכען; אין טעאטער — א פארהאנג, וואס ווערט אראבגעלאזט, ווען מען דארף אין דעמזעלבען אקט ענדערען די סצענע [די פארשטעלונג נעהט דערביי אן].

drop a hint (דראפּ ע הינט) געבען אנצוהערען, געבען א וואונק.

drop a line (דראפּ ע לאין) שרייבען א פּאר צייל̇ען.

drop an'chor (דראפּ ענ'-קאר) פעראנקערען א שיף.

drop asleep' (דראפּ ע-סליעפּ') איינשלאפען.

drop astern' (דראפּ ע-סטוירן') געהן צוריק [וועגען שיפען]; פארבייל̇אזען אן אנדער שיף.

drop away' (דראפּ ע-הוויי') זיך שיידען, פערשווינדען.

drop'-bar *n.* (דראפּ'-באר) אין דרוקעריי — א וואל וואס רעגולירט די בעוועגונג פון דעם פּאפּיער אויף דער דרוק־מאשין.

drop'-bot'tom *n.* (דראפּ'-באט'-אם) דער אונטערשטער דעק פון א וואגען אדער וואגאן וואס עפענט זיך אראב־צו.

drop by drop (דראפּ באי דראפּ) טראפענווייז, לאנגזאם, שטופענווייז.

drop'-curls *n.* (דראפּ'-קוירלז) לאקען, וואס הייגגען אראב ביי די שלייפען.

drop'-cur'tain *n.* (דראפּ'-קויר'-טען) דער טעאטער פארהאנג, וואס לאזט זיך ארונטער אין מיטען דעם אקט, ווען מען דארף ענדערען די סצענע [די פארשטעלונג געהט דערביי אן].

drop down (דראפּ דאון) פאלען; פאלען טויט; פאהרען אויף'ן טייך מיט'ן שטראם.

drop'-down *a.* (דראפּ'-דאון) מוטלאז, נידערגעשלאגען.

drop'-drill *n.* (דראפּ'-דריל) אן ערד־ארבייט־מאשין, וואס צוואווארפט איבער'ן פעלד אין איין און דערזעלבער צייט אי די זאמען אי דעם בעמיסטיגונגס־שטאף.

drop'-dry *a.* (דראפּ'-דראי) וואסערדיכט [וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער].

drop forth (דראפּ פאורטה) ארויסברייגגען, פּראדוצירען.

drop from the clouds (דראפּ פראם טהי קלאודז) אראבפאלען ווי פון הימעל [קומען אונערווארטעט].

drop'-glass *n.* (דראפּ'-גלעס) א שפּריצער, מיט וועלכען מען לאזט אריין טראפען אין די אויגען.

drop in (דראפּ אין) ארייננגיסען טראפענווייז; אריינפאלען, קומען אונערווארטעט אדער צופעליגערווייזע.

drop in'to the port (דראפּ אינ'-טו טהי פּאורט) אריינקומען אין האפען [וועגען א שיף].

drop'let *n.* (דראפּ'-לעט) א טראפענדעל.

drop'-let'ter *n.* (דראפּ'-לעט'-ער) א שטאדט־בריעף; א בריעף, וואס ווערט צוגעשטעלט פון דערזעלבער פּאסט־סטאנציע, וואו מען גיט איהם אריין.

drop'-light *n.* (דראפּ'-לאיט) א טיש־לאמפ [פון גאז אדער עלעקטריציטעט].

drop of com'fort (דראפּ אוו קאמ'-פארט) א גלעזעל משקה.

drop off (דראפּ אף) זיך שיידען, פערשווינדען; פּלוצלונג איינשלאפען.

drop out (דראפּ אוט) זיך צוריקציהען, ארויסטרעטען, אונבעמערקט פערשווינדען.

drop'per *n.* (דראפּ'-ער) א שפּריצער; אזא שנייד־מאשין פאר תבואות.

drop'ping *n.* (דראפּ'-אינג) דאס טריפען; דאס פאלען; עטוואס וואס פאלט אדער טריפט; מיסט, צאה [הויפּטזעכליך פון פויגעל].

drop'-roll'er *n.* (דראפּ'-ראול'-ער) אין דרוקעריי — א וואל, וואס רעגולירט די בעוועגונג פון דעם פּאפּיער אדער דעם צופלוס פון טינט אויף דער דרוק־מאשין.

drops *n.* (דראפּס) טראפענס [אלס הייל מיטעל]; אויערריגגלעך; גלעזערנע קריסטאלכלעך אויף הייגגלייכטער; צוקערקעס.

drop'-scene *n.* (דראפּ'-סיען) ז. *drop-curtain*.

drop'-shut'ter *n.* (דראפּ'-שאט'-ער) א פארריכטונג אין א פאטאגראפישען אפּאראט שנעל צו פערדעקען די עפענונג, דורך וועלכער דאס ליכט ווירקט אויף דער פאטאגראפישער פּלאטע.

drop'sical *a.* (דראפּ'-סי-קעל) וואס איז שייך אדער וואס איז גענייגט צו וואסערזוכט; וואס ליידט פון וואסערזוכט [אזא קראנקהייט וואס בעשטעהט אין דעם, וואס א וואסערדיגע פליסיגקייט זאמעלט זיך אן אין געוויסע טיילען פון קערפּער].

drop'sicalness *n.* (דראפּ'-סי-קעל-נעס) דאס קראנק זיין אויף וואסערזוכט [א קראנקהייט, וואס בעשטעהט אין דעם וואס א וואסערדיגע פליסיגקייט זאמעלט זיך אן אין געוויסע טיילען פון קערפּער].

drop'sied *a.* (דראפּ'-סיד) קראנק אויף וואסערזוכט; געשוואלען; ענטצינדעט. ז. *dropsy*.

drop'sy *n.* (דראפּ'-סי) די וואסערזוכט [א קראנקהייט וואס בעשטעהט אין דעם, וואס א וואסערדיגע פליסיגקייט זאמעלט זיך אן אין געוויסע טיילען פון קערפּער].

drop'-ta'ble *n.* (דראפּ'-טייבל) א מאשין, מיט וועלכער מען לאזט ארונטער משאות; א מאשין, מיט וועלכער מען נעהמט אראב די רעדער פון א לאקאמאטיוו.

drop the cur'tain (דראפּ טהי קויר'-טען) אראבלאזען דעם פארהאנג [אין טעאטער]; א סוף מאכען.

drop'-the-hand'kerchief *n.* (דראפּ'-טהי-הענ'-קויר-טשיף) א קינדער־שפּיעל, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס איינער פון די שפּיעלענדע געהט ארום דעם קרייז פון די שפּיעלענדע, ווארפט איינעם אונטער זיין טיכעל און סטארעט זיך אריינצוכאפען זיך אין דעם רינג איידער יענער בעמערקט דאס טיכעל און לאזט זיך איהם נאכלויפען [אפטמאל לויפען ביידע ארום דעם רינג און יעדער סטארעט זיך פריהער צו קומען צום פּלאץ און איהם פערכאפּען].

drop through (דראפּ טהרוה) פערזינקען אין פערגעסענהייט.

drosch'ka *n.* (דראש'-קע) א דראשקע, א לייכטער רוסישער וועגעל.

drosh'ky *n.* (דראש'-קי) ז. *droschka*.

dros'ky *n.* (דראס'-קי) ז. *droschka*.

drosom'eter *n.* (דרא-סאמ'-ע-טער) א טהוי־מעסטער [אן אינסטרומענט צום בעשטימען וויפיעל טהוי עס געפינט זיך אויף א בעטהויטער זאך].

dross *n. and v.* (דראס) שוים; אבגעשטאנענעס [אין פליסיגקייטען]; פּסולת; אבשוימען, אבטיילען די פּסולת.

dross'iness *n.* (דראס'-אי-נעס) דאס זיין פול מיט פּסולת; דאס זיין אונריין.

dross'less *a.* (דראס'-לעס) אהן פּסולת, ריין.

dross'y *a.* (דראס'-אי) שוימיג; פּסולת'דיג; אונריין.

drought *n.* (דראוט) טרוקענעס וועטער; טרוקענקייט; דארשט; מאנגעל.

drough'tiness *n.* (דראו'-טי-נעס) טרוקענקייט, אויסדארונג, דארשטיגקייט.

drough'ty *a.* (דראו'-טי) טרוקען, דארשטיג.

drove *n. and v.* (דראוו) א הערדע, א סטאדע [אין בעוועגונג]; א מחנה, א צונויפלויף; א וועג, אויף וועלכען עס געהן סטאדעס; א קליינער וואסער־קאנאל, וואס ווערט בענוצט ביי קינסטליכער בעוואסערונג פון פעלדער; א דלאט; ארומשלאגען מיט א דלאט [וועגען שטיינער]; געטריבען, געיאגט. ז. *drive*

dro'ver *n.* (דראו'-ווער) א פיה־טרייבער, א פיה־הענדלער.

dro'ving *n.* (דראו'-ווינג) דער פיה־האנדעל, דאס האקען שטיינער.

drown *v.* (דראון) דערטרינקען, דערטרונקען ווערען, פערזינקען; פערפלייצען; פערניכטען.

drown care in drink (דראון קעהר אין דרינק) פערטרינקען [פער'שכור'ען] די צרות.

drowned in debts (דראונד אין דעטס) פערטרונקען אין חובות.

drow'ner *n.* (דראו'-נער) איינער אדער עטוואס וואס דערטרינקט אדער פערניכטעט.

drow'ning *n.* (דראו'-נינג) דאס דערטרינקען; דאס דערטרונקען־ווערען.

drown out (דראון אוט) ארויסשווייגקען, צווינגען ארויסצוקומען, ארויסטרייבען דורך פערפלייצונג.

drown the mill'er (דראון טהי מיל'-ער) צופיעל וואסער גיסען אין דעם גראג.

drowse *v. and n.* (דראוז) זיין שלעפריג, דרעמלען; זיין אדער אויסזעהן טעמפּ, מאט אדער שווער; שלעפרינקייט; א דרעמלענדער צושטאנד.

drowsed *a.* (דראוזד) שלעפריג, שווער, מאט, טעמפּ.

drow'sihead *n.* (דראו'-זי-העד) שלעפריגקייט.

drow'sily *adv.* (דראו'-זי-לי) מיט פערשלאפענקייט; מיט שווערקייט; אויף א טעמפּען אדער פוילען שטייגער.

drow'siness *n.* (דראו'-זי-נעס) שלעפריגקייט, פוילקייט.

drow'sy *a.* (דראו'-זי) שלעפריג, וואס שלעפערט איין; טעמפּ.

drow'syhead *n.* (דראו'-זי-העד) ז. *drowsihead*.

drow'sy-head'ed *a.* (דראו'–זי–העד'–עד) שלעפריג, פויל.

drub *v. and n.* (דראב) שלאגען [הויפט־ זעכליך מיט א שטעקען]; א קלאפ [מיט א שטעקען].

drub'ber *n.* (דראב'–ער) א שלעגער.

drub'bing *n.* (דראב'–אינג) דאס אנשלא־ גען, דאס דורכקלאפען די ביינער.

drudge *v. and n.* (דראדזש) טהאן גראבע, מיאוס'ע, שווערע אדער לאנגווייי ליגע ארבייט; ארבייטען שווער און אהן אינטערעס; אן ארבייטער [הויפטזעכליך אזעלכער וואס ארבייט אלס שקלאף אדער וואס ארבייט ביי אן ארבייט, וואס אינטע־ רעסירט איהם ניט]; איינער וואס אר־ בייט אהן אינטערעס; א נעץ; ניט דיס־ טילירטער בראנפען.

drudge'-horse *n.* (דראדזש'–האהרס) אן ארבייטס־פערד.

drudg'er *n.* (דראדזש'–ער) אן ארביי־ טער, וואס ארבייט אלס שקלאף אדער ביי א שווערער, אונאנגענעהמער אדער לאנג־ ווייליגער ארבייט; איינער וואס ארבייט אהן אינטערעס; א שטרייער [א פושקעלע מיט א נעלעכערטען דעקעל]; א צוקערקעס־ קעסטעלע.

drudg'ery *n.* (דראדזש'–ער–אי) שווערע, אונאנגענעהמע, לאנגווייליגע, מיאוס'ע אדער שקלאפישע ארבייט.

drudg'ical *a.* (דראדזש'–אי–קעל) וואס איז שייך צו גראבער, מיאוס'ער, שווערער, לאנגווייליגער אדער אונאנגענעהמער אר־ בייט; וואס איז שייך צו איינעם, וואס איז בעשעפטיגט ביי אזא ארבייט.

drudg'ingly *adv.* (דראדזש'–אינג–לי) מיט מיה, מיט שווערער ארבייט.

drudg'ism *n.* (דראדזש'–איזם) ז. *drudgery*

drug *n. and v.* (דראג) אפטייקער־ וואארע; הייל־ארטיקלען: כעמישע פרא־ דוקטען; בעטויבענדע אדער גיפטיגע שטא־ פען; א זאך, וואס האט מעהר קיין ווערטה ניט [איבערהויפט אזא, וואס מען קען ניט פערקויפען צוליעב איבער־פראדוק־ ציאן]; אויסמישען מיט בעטויבענדע אדער גיפטיגע שטאפען [געטרענקע]; איינגעבען צופיעל מעדיצין [רפואות]; געבען נאר־ קאטישע מיטלען אדער גיפט; בעטויבען; אבטויטען די עמפפינדליכקייט; ארויסרו־ פען א ווידערווילען.

drug'ger *n.* (דראג'–ער) א דאקטאר, וואס פערשרייבט צופיעל הייל־מיטלען.

drug'gery *n.* (דראג'–ער–אי) אן אפטייק [אין א הומאריסטישען זין]; רפואות.

drug'get *n.* (דראג'–עט) דראגעט [א מין גראבע, וואלענע צייג, אזא מין גרא־ בער, וואלענער טעפיך]: אזא זארט גע־ שטרייפטער וואלען אדער באוועל־שטאף פאר פרויען־קליידער.

drug'gist *n.* (דראג'–איסט) איינער וואס האנדעלט מיט אפטייקער־וואארע; אן אפ־ טייקער.

dru'id *n.* (דרוה'–איד) א דרואיד, א פארצייטיגער גלח ביי די אלטע קעלטען אין פראנקרייך, ענגלאנד און אירלאנד [די דרואידען זיינען געווען אי די רעי ליגיאנס־לעהרער אי די מאראל־היטער אי די ריכטער. זיי האבען זיך אויך בעשעפ־ טיגט מיט כשוף־מאכעריי. זייערע רעלי־ גיעזע צערעמאניעס פלעגען פארקומען אין רעמבען־וועלדלעך. דער דעמב איז געווען ביי זיי זייער הייליג. עס ווערט זאגאר בעהויפ־ טעט, אז דער דעמב איז ביי זיי געווען די

פערקערפערונג פון דער העכסטער געטלי־ כער מאכט].

dru'idess *n.* (דרוה'–איד–עס) א פאר־ צייטיגע בריטישע אדער קעלטישע גלח'טע; א כשוף־מאכעריו.

druid'ic *a.* (דרוה–איד'–איק) וואס איז שייך צו די דרואידען. ז. *druid*

druid'ical *a.* (דרוה–איד'–אי–קעל) וואס איז שייך צו די דרואידען. ז. *druid*

druid'ical bead (דרוה–איד'–אי–קעל ביעד) דער שלאנגען־שטיין [אזא קיילעכ־ דיגער שטיין, וועגען וועלכען מען גלויבט, אז ער קען היילען פון א שלאנגען־ביס]. ז. *adder-gem*

druid'ical cir'cles (דרוה–איד'–אי– קעל סוירקלז) קרייזען געבילדעט פון גרוי־ סע שטיינער, אין וועלכע, ווי מען דענקט, די פארצייטיגע דרואידען [א גלחים־קאס־ טע אין ענגלאנד און פראנקרייך] פלע־ גען אבהאלטען זייערע רעליגיעזע צערעמא־ ניעס און וועלכע מען קען נאך ביז איצט זעהן אין אייניגע געגענדען אין ענגלאנד.

dru'idish *a.* (דרוה'–איד–איש) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו די דרואידען. ז. *druid*

dru'idism *n.* (דרוה'–איד–איזם) די רעליגיאן פון דער פארצייטיגער קעלטי־ שער דרואידען־קאסטע. ז. *druid*

dru'id's foot (דרוה'–אידז פוט) א קמיע אין דער פארם פון א פינף־קאנטיגער פיגור [ווערט געברויכט אין אייניגע טיי־ לען פון אייראפא. ווי עס ווערט בעהויפ־ טעט, שטאמט די קמיע פון די דרואידען]. ז. *druid*

drum *n. and v.* (דראם) א פויק; עט־ וואס וואס איז עהנליך אין אויסזעהן צו א פויק; א כלי וואס איז עהנליך צו א פויק אדער דאס וואס געפינט זיך אין אזא כלי; דער טימפאנום [די אויער־פויק, די מיטעלסטע טייל פון אויער]; א קאמפא־ ניע סאלדאטען וואס מארשירט אונטער די קלאנגען פון א פויק; א פערזאמלונג פון געסט; דער פייקלער־פיש [אזא מין פיש, וואס גיבען ארויס קלאנגען ווי מען וואלט געפויקט מיט די פינגער אין עפעס]; א בערגעל; א רייהע בערגלעך; פויקען; קלא־ פען [ווי דאס הארץ, דער פולס]; צוי נויפפויקען, צונויפרופען; צונויפרופען רעקרוטען; פערזאמלען; ארייננקריגען קונ־ דען; ארויסטרייבען מיט עפענטליכער שאנדע [פון מיליטער].

drum'-call *n.* (דראם'–קאהל) א פויק־ סיגנאל [אין מיליטער].

drum'fish *n.* (דראם'–פיש) א פייקלער־ פיש [אזא פיש וואס גיט ארויס אזעל־ כע קלאנגען ווי מען וואלט געפויקט מיט די פינגער איבער עפעס].

drum'head *n.* (דראם'–העד) די פעל פון דער פויק; די אויער־פויק; אזא קרויט וואס זעהט אויס ווי א פייקעל.

drum'head court mar'tial (דראם'– העד קאורט מאר'–שעל) א מיליטערישעס פעלד־געריכט.

drum'head tri'al (דראם'–העד טראי'– על) א פראצעס פאר א מיליטערישען פעלד־געריכט.

drum'-ma'jor *n.* (דראם'–מיי'–דזשאר) דער הויפט פויקער [אין אן ארמעע].

drum'mer *n.* (דראם'–ער) א פויקער, א פייקלער; א רייזענדער געשעפטס־אגענט.

drum'ming *n.* (דראם'–אינג) דאס פויק־ לען; דאס פאנגען פייקלער־פיש.

Drum'mond light (דראם'–אנד לאיט) ז. *calcium light*

drum of the ear (דראם אוו טהי איער) דאס פויק־הייטעל אין אויער.

drum'-skin *n.* (דראם'–סקין) די פעל פון דער פויק.

drum'stick *n.* (דראם'–סטיק) א פויק־שטעקעלע; א פאלקע פון א געבראטענעם עוף; א שטראנד־ לויפער [אזא פויגעל מיט לאנגע, דינע פיס, וואס האלט זיך ביי די ברעגעס פון ים].

drum'sticks *n.* (דראם'–סטיקס) פויק־שטעקעלעך; פיס; פאלקעס. Some people prefer the drumsticks of a chicken to any other part.

Drum-sticks

drunk *a. and n.* (דראנק) בע־ טרונקען, שכור; דורכגענעצט; א שכור.

drunk'ard *n.* (דראנק'–ארד) א טרינקער, א שכור, א פיאניצע.

drunk as a pi'per (דראנק עז ע פאי'–פער) שכור ווי א חזיר.

drunk'en *a.* (דראנקן) בעטרונקען, שכור; וואס איז איבערגעגעבען צו שכרות; וואס איז געטהאן געווארען אין א צושטאנד פון שכרות; וואס וואקעלט זיך ווי א שכור.

drunk'enness *n.* (דראנק'ן–נעס) בע־ טרונקענהייט, שכרות.

drupa'ceous *a.* (דרוה–פיי'–שיאס) וואס טראגט פרוכט מיט ביינדלעך; וואס גע־ הערט צו פרוכט מיט ביינדלעך [ווי קאר־ שען].

drupe *n.* (דרוהפ) א פרוכט מיט א ביינ־ דעל [ווי א קארש אדער א פלוים].

dru'pel *n.* (דרוה'–פעל) א קליינע פרוכט מיט פיעלע ביינדלעך [ווי א שווארצע יאגדע].

drupe'let *n.* (דרוהפ'–לעט) ז. *drupel*

druse *n.* (דרוהז) א שפאלט אין א פעלזענשטיין, וואס איז אויסגעלעגט מיט קריסטאלען.

Druse *n.* (דרוהז) א דרוזיער, איינער פון די דרוזען [א פאלק פון מוסולמאנישען גלויבען אין סיריען].

drux'ey *a.* (דראק'–סי) האלב צופוילט [וועגען בוימער און האלץ].

dru'xy *a.* (דראק'–סי) ז. *druxey*

dry *a., n. and v.* (דראי) טרוקען, אהן וואסער אדער פייכטקייט; וואס גיט קיין מילך ניט [וועגען א קוה]; דארשטיג; ניט אינטערעסאנט; קאלט, אהן העפ־ ליכקייט; סארקאסטיש, אבלאכענד; אין מאלעריי — אהן קאליר, אהן הארמאניע; אין סקולפטור — גראב, אהן איידעלקייט אין דער פארמע; אהן זיסקייט און גע־ רוך [וועגען וויינען]; וואס פאדערט ניט צו דערלאזען אין געוויסע טעג דעם פער־ קויף פון שארפע משקאות [ווי בראנפען, ביער א. ד. ג.]; אן ארט וואו מען טרינקט פערשיעדענע זאכען; א מיטגליעד פון דער פארטיי אין אמעריקא, וועלכע פאדערט דאס פערבאטען צו פערקויפען שארפע משקאות; א שפאלט אין א שטיין, וואס מאכט איהם שוואך אונטערצוהאלטען א געביידע; טריקענען; ארויסנעהמען פון עפעס דאס וואסער אדער די פייכטקייט; אויסגעטריקענט ווערען; פערוועלקט ווע־ רען.

dry'ad *n.* (דראי'–עד) — אין מיטאלאגיע די דריאדע אדער וואלד־נימפע [א גע־ טין וואס געפינט זיך אין א בוים און גע־ וועלטיגט איבער'ן וואלד]; דער ווינטער־ שלאפער [א מין קליין חיה'לע וואס שלאפט דעם גאנצען ווינטער].

dry'-as-dust' *n. and a.* (דראי'–עס– דאסט') זעהר טרוקען, פראזאאיש, ניט

אינטערעסאנט; א טרוקענער, הארטער, פראזאאישער מענש; א פעדאנט.

dry′-boned *a.* (דראי׳-באונד) מאגער.

dry′-boots *n.* (דראי׳-בוהטס) א טרוקע־נער מענש, אהן וויץ.

dry′-cups *n.* (דראי׳-קאפס) טרוקענע באנקעס.

dry′-dock *n.* (דראי׳-דאק) אן ארט צום בויען אדער פערריכטען שיפען, אזוי גע־מאכט, אז מען קען ארויסלאזען פון דאר־טען דאס וואסער ביז מען פערריכט די שיף.

Dry-dock

dry′er *n.* (דראי׳-ער) ז. ***drier***

dry′-eyed *a.* (דראי׳-איד) אהן טרעה־רען.

dry′-fish *n.* (דראי׳-פיש) א געדרויכער־טער און געזאלצענער פיש; א טרוקענער פיש; א טרוקענער, לאנגווייליגער מענש.

dry′foot *adv.* (דראי׳-פוט) מיט טרוקע־נע פיס; אויף דער יבשה; ווי א הונד וואס שפירט נאך נאך די טריט.

dry′-goods *n.* (דראי׳-גודז) גאלאנטעריי־וואארען, קורץ־וואארען.

dry′-house *n.* (דראי׳-האוס) ז. ***drying-house***.

dry′ing *a.* (דראי׳-אינג) טריקענט; וואס קען שנעל טרוקען ווערען.

dry′ing-house *n.* (דראי׳-אינג-האוס) א הויז אדער צימער וואו זאכען ווערען גע־טריקענט.

dry′ing-machine′ *n.* (דראי׳-אינג-מע-שין׳) א מאשין צו טריקענען צייג אדער קליידער.

dry′ing-oil *n.* (דראי׳-אינג-איל) לאק צום טריקענען.

dry′ite *n.* (דראי׳-איט) פערשטיינערט האלץ.

dry joke (דראי דזשאוק) א טרוקע־נער וויץ, ניט קיין פעפערדיגער וויץ.

dry land (דראי לענד) דאס טריקעניש, די יבשה, דאס טרוקענע לאנד.

dry′ly *adv.* (דראי׳-לי) ז. ***drily***

dry′-mea′sure *n.* (דראי׳-מע׳-זשור) א מעסטעל צו מעסטען טרוקענע זאכען.

dry′-meat *n.* (דראי׳-מיעט) געטריקענט אדער געדרויכערט פלייש.

dry monsoon′ (דראי מאנ-סוהן׳) דער טרוקענער מוסאן־ווינד [וואס בלאזט פון צפון־מזרח זייט, אין דער לענג פון׳ם אזיאטישען ברעג פון דעם פאסיפיק].

dry′-mour′ning *n.* (דראי׳-מאור׳-נינג) א טרוקענער טרויער [ווען מען וויינט ניט].

dry′-mul′ture *n.* (דראי׳-מאל׳-טשור) אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — די מיהל־צינז [א סומע פון געלד אדער א מאס תבואה וואס ווערט געצאהלט יעדען יאהר צו א מיהל, ניט קוקענדיג אויף דעם, צי די וועלכע דארפען צאהלען מאלען דארטען זייער תבואה אדער ניט].

dry′ness *n.* (דראי׳-נעס) טרוקענקייט; דארשט.

dry′-nurse *n. and v.* (דראי׳-נוירס) אן אם וואס האדעוועט א קינד ניט מיט דער ברוסט; אן אונטערגעארדענטער וואס לערענט זיין עלטסטען; אויסהאדעווען א קינד אהן דער ברוסט; אנצייגען די פפליכטען א העכער־געשטעלטען.

dry′-point *n.* (דראי׳-פאינט) א קריץ־נאדעל וואס ווערט געברויכט פון גראווי־רער פאר גראווירונג אין קופער; די לי־ניע וואס ווערט געמאכט מיט א קריץ־נאדעל.

dry′-rot *n.* (דראי׳-ראט) א מין שוואם וואס וואקסט אויף בוימער, ווען דאס האלץ הויבט אן פוילען; אן אינערליכע פויל־קייט אדער פערדארבענהייט.

dry′-rub *v.* (דראי׳-ראב) רייניגען דורך א טרוקענע רייבונג, ניט נעצענדיג די זאך.

dry′salter *n.* (דראי׳-סאהל-טער) איי־נער וואס האנדעלט מיט געטריקענטע און געזאלצענע זאכען; אין ענגלאנד — איי־נער וואס האנדעלט מיט פארבען און אנ־דערע כעמישע פראדוקטען.

dry sea′son (דראי סיעזן) טרוקענע צייט [ווען עס געהט קיין רעגען ניט]; ביי פישער — די צייט ווען פיש כאפט זיך זעהר ווייניג.

dry′-shod *a.* (דראי׳-שאד) מיט טרוקע־נע פיס אדער שטיוועל.

dry up (דראי אפ) אויסטריקענען, ארויס־נעהמען די פייכטקייט; אויסרעמפפען; ווערען טרוקען; פערוועלקען; ווערען שטיל, אויפהערען רעדען.

d|s ***days′ sight*** אבקירצונג פון (דייז סאיט) דער טאג, ווען עטוואס איז געשריבען.

The bill is payable at 10 d|s.

D. S. אן אבקירצונג פון די ווער־טער ***dal segno*** [א צייכען אין מוזיק־נאטען, וועלכער בעווייזט, אז דאס שטיק דארף איבערגע׳חזר׳ט ווערען נאך אמאל ביז א געוויסען פונקט].

D. Sc. אן אבקירצונג פון די ווער־טער ***Doctor of Science***, דאקטאר פון נאטור־וויסענשאפט.

D-string *n.* (די׳-סטרינג) די דריטע סטרונע פון א פידעל אדער א גיטארע און די צווייטע סטרונע פון אנדערע שטרייך־אינסטרומענטען.

du′ad *n.* (דיו׳-עד) א פאר; א פעראייני־גונג פון צוויי; א צוויי־צאהל.

du′al *n. and a.* (דיו׳-על) וואס בע־שטעהט פון צוויי; וואס בעצייכענט די צאהל צוויי; וואס דריקט אויס א צווי־צאהל; די צאהל צוויי.

du′alin *n.* (דיו׳-ע-לין) דואלין [אזא אויפרייסונגס־שטאף וואס בעשטעהט פון א מישונג פון סאלפעטער, ניטרא־גליצעריז און זעג־שטויב].

du′alism *n.* (דיו׳-ע-ליזם) דואליזם, צווייהייט, צוויי־איינקייט; די טעאריע אז גייסט און מאטעריע עקזיסטירען אלס זעלבסטשטענדיגע עלעמענטען אונאבהענגיג איינער פון אנדערען; די בעהויפטונג, אז עס עקזיסטירען 2 געטער, א גאט פון גוטס און ליכטיגקייט און א גאט פון שלעכטס און פינסטערניש [ווי דאס גלויבען פון די אלטע פערזיער]; א רעגיערונגס־סיס־טעם וואו צוויי לענדער זיינען פעראייניגט דורך איין הויפט, אבער ווערען רעגיערט פון זעלבסטשטענדיגע פארלאמענטען און רעגיערונגען [ווי עסטרייך־אונגארן].

du′alist *n.* (דיו׳-ע-ליסט) א דואליסט, איינער וואס גלויבט אין דער זעלבסט־שטענדיגער, אונאבהענגיגער עקזיסטענץ פון גייסט און מאטעריע; אן אנהענגער פון דואליזם. ז. ***dualism***

dualis′tic *a.* (דיו-ע-ליס׳-טיק) וואס בעשטעהט פון צוויי; וואס איז שייך צו דואליזם. ז. ***dualism***

dual′ity *n.* (דיו-על׳-אי-טי) צווייהייט; דאס זיין געטיילט אין צוויי.

du′an *n.* (דיו׳-ען) א טייל פון א גע־דיכט אדער פאעמא; א געדיכט, א פאעמא.

dub *n. and v.* (דאב) געבען א טיטול; מאכען פאר א ריטער; שניידען אדער אב־רייבען אום צו מאכען גלאט; מאכען א גערויש ווי דאס שנעלע קלאפען אין א פויק; א קלאפ.

dub′bing *n.* (דאב׳-אינג) דאס מאכען פאר א ריטער; דאס קלאפען; דאס שניי־דען אדער רייבען אום צו מאכען גלאט; אזא לעדער־שמיערעכץ געמאכט פון פעטס.

dub′bing-tool *n.* (דאב׳-אינג-טוהל) א געצייג אבצורייבען א שארסטיגע פלע־כע אום זי גלאט צו מאכען.

dubi′ety *n.* (דיו-באי׳-ע-טי) צווייפעל־האפטיגקייט, אונגעוויסהייט; דאס זיין אין ספק.

dubios′ity *n.* (דיו-בי-אס׳-אי-טי) צווייפעלהאפטיגקייט; דאס זיין אין ספק; עט־וואס וואס איז צווייפעלהאפט

du′bious *a.* (דיו׳-בי-אס) צווייפעלהאפט, אונגעוויס, אונזיכער, אונדייטליך. אונבע־שטימט, אונקלאר.

du′bious debts (דיו׳-בי-אס דעטס) אונזיכערע שולדען.

du′biously *adv.* (דיו׳-בי-אס-לי) צווייי־פעלהאפט; אונזיכער, פראגליך, אונגעוויס

du′biousness *n.* (דיו׳-בי-אס-נעס) דאס זיין אין ספק; צווייפעלהאפטיגקייט; אונ־בעשטימטהייט, אונגעוויסהייט.

du′bitable *a.* (דיו׳-בי-טעבל) וואס דער־וועקט א ספק, וואס איז צום צווייפלען; צווייפעלהאפט, אונגעוויס.

du′bitably *adv.* (דיו׳-בי-טע-בלי) אויף א מסופק׳דיגען אופן; צום צווייפלען.

du′bitatingly *adv.* (דיו׳-בי-טיי-טינג-לי) זייענדיג אין ספק; צווייפלענדיג; ניט וויסענדיג ווי זיך צו ענטשליסען.

dubita′tion *n.* (דיו-בי-טיי׳-שאן) צוויי־פעל; דאס צווייפלען; אונענטשלאסענ־הייט.

du′bitative *a.* (דיו׳-בי-טיי-טיוו) צווייפלענד.

du′bitatively *adv.* (דיו׳-בי-טיי-טיוו-לי) אין ספק; צווייפלענדיג.

dubs *n.* (דאבז) קליינגערס [געלד]; א פאר ווירפלען.

du′cal *a.* (דיו׳-קעל) וואס איז שייך צו א דוכס אדער הערצאג.

du′cally *adv.* (דיו׳-קעל-אי) אויף דעם שטייגער פון א דוכס אדער הערצאג; מיט א הערצאג [פערבונדען].

duc′at *n.* (דאק׳-עט) א דוקאט [א גאל־דענע מטבע].

ducatoon′ *n.* (דאק-ע-טוהן׳) אן אלטע איטאליעניש זילבערנע מטבע [פון אונ־געפעהר דעם ווערטה פון אן אמעריקאנער דאלאר].

duc′ats *n.* (דאק׳-עטס) מזומן, קליינגערס.

duch′ess *n.* (דאטש׳-עס) א דוכסע, א הערצאגין.

duch′y *n.* (דאטש׳-אי) הערצאגטום [א טעריטאריע וואו עס רעגיערט א הער־צאג].

duch′y-court *n.* (דאטש׳-אי-קאורט)

דער געריכטס-הויף פון דעם הערצאגטום לאנקאסטער אין ענגלאנד.

duck *n. and v.* (דאק) אן ענטעל, א קאטשקע; א טייערע, א געליעבטע; א פער-נייגונג מיט'ן קאפ; זעגעל-טוך; זיך אונ-טערטונקען אין וואסער; א בויג טהאן דעם קאפ; זיך אונטערגעבען; זיך בויגען פאר אימעצען.

duck'bill *n.* (דאק'-ביל) דער ענטעל-שנאבעל [אזא חיה אין אויסטראליען וואס האט א שנאבעל עהנליך צו אן ענטעלשען]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שנאבעל פון אן ענטעל [קאטשקע].

duck'-billed *a.* (דאק'-בילד) וואס האט א שנאבעל ווי פון אן ענטעל [קאטשקע].

duck'er *n.* (דאק'-ער) א טויכער, איי-נער וואס טונקט זיך אונטער אין וואסער; א קריכער, אן אונטערלעקער; א פויגעל וואס טונקט זיך אונטער אין וואסער.

duck'-hawk *n.* (דאק'-האהק) דער זומפ-פאלק [אזא גרויסער שטארקער רויב-פוי-געל וואס פליהט ארום ביי וואסער-זומפען און פאלט אן אויף די קאטשקעס וואס גע-פינען זיך דארטען].

duck'ing *n.* (דאק'-אינג) דאס טויכען, דאס אונטערטונקען זיך אין וואסער; דאס שיסען אדער די יאגד אויף ווילדע ענט-לעך [קאטשקעס].

duck'ing-gun *n.* (דאק'-אינג-גאן) א ביקס מיט וועלכער מען שיסט פויגלען.

duck'ing-sink *n.* (דאק'-אינג-סינק) א שיפעל אויף וועלכען מען פאהרט אויף יאגד אויף ווילדע ענטלעך [קאטשקעס] אדער אנדערע וואסער-פויגלען.

duck'ing-stool *n.* (דאק'-אינג-סטוהל) אזא שטוהל וועלכער איז בענוצט געווא-רען צו בעשטראפען ווייבער ארורות דורך אונטערטונקען זיי אין וואסער.

Ducking-stool

duck'-legged *a.* (דאק'-לעגד) קורץ-פיסיג [ווי א קאטשקע].

duck'ling *n.* (דאק'-לינג) א יונג ענטעלע [א קאטשקעלע].

duck'-meat *n.* (דאק'-מיעט) די וואסער-לינזע [אזא גראז וואס וואקסט אין וואס-סער-זומפען און ווערט זעהר גערן געגע-סען פון ענטלעך].

duck'-mole *n.* (דאק'-מאול) דער ענטעל-שנאבעל. ז. *duckbill*

duck on rock (דאק אן ראק) אזא שפיעל, וואו איין שפיעלער לעגט ארויף אויף א גרויסען שטיין א קלענערען, וועל-כען די איבריגע שפיעלער דארפען לויפען אראבווארפען און זיך ניט לאזען כאפען פון דעם, וואס האט דעם שטיין ארויפגע-לעגט.

ducks *n.* (דאקס) דיקע, ווייסע לייוונ-טענע הויזען.

duck's'-foot *n.* (דאקס'-פוט) א מין פלאנצע וואס איהרע בלעטער זיינען עהנ-ליך צו די פיסלעך פון אן ענטעל [קאטש-קע].

duck'-shot *n.* (דאק'-שאט) גרויסע שראט צום שיסען ווילדע ענטלעך [קאטשקעס].

duck's'-meat *n.* (דאקס'-מיעט) ז. *duck-meat*

duck'weed *n.* (דאק'-הוויעד) ז. *duck-meat*

duck'-weight *n.* (דאק'-הווייט) אן ענ-טעל [קאטשקע] אויסגעמאכט פון שטיין, וועלכע פלעגט אמאל בענוצט ווערען אין אשור און בבל אלס א געוויכט.

duct *n.* (דאקט) א קאנאל [בעזאנדערס אין דעם קערפער פון א בעשעפעניש].

duc'tile *a.* (דאק'-טיל) בייגזאם; וואס ציהט זיך; וואס קען אויסגעצויגען ווערען.

duc'tilely *adv.* (דאק'-טיל-לי) אויף א בייגזאמען אדער ציהעדיגען אופן.

duc'tileness *n.* (דאק'-טיל-נעס) צי-העדיגקייט, בייגזאמקייט.

ductilim'eter *n.* (דאק-טי-לים'-ע-טער) אן אינסטרומענט וואס צייגט אן אויף ווי-פיעל א מעטאל ציהט זיך אויס.

ductil'ity *n.* (דאק-טיל'-אי-טי) די איי-גענשאפט פון מעטאלען זיך צו ציהען אדער אויסגעצויגען צו ווערען; בייגזאמקייט.

duct'less *a.* (דאקט'-לעס) וואס האט ניט קיין קאנאל.

duc'tor *n.* (דאק'-טאר) די וואלצע אין א דרוק-מאשין וועלכע פערטיילט די דרוק-פארב.

duc'tus *n.* (דאק'-טאס) א קאנאל.

dud *n.* (דאד) אן אלטער מלבוש, אן אל-טע שמאטע.

dud'der *v.* (דאד'-ער) טרייסלען זיך [פון קעלט אדער פון שרעק].

dude *n.* (דיוד) א פראנט.

dudeen' *n.* (דיו-דיען') א קורצע ליימע-נע ליולקע.

dudge'on *n.* (דאדזש'-אן) צארן, כעס, רוגזה.

du'dishness *n.* (דיו'-דיש-נעס) דאס זיין א פראנט, פראנטישקייט.

due *n., a. and adv.* (דיו) וואס עס קומט, וואס קען געצאהלט ווערען אלס א חוב; געהעריג, ווי עס פאסט; פינקטליך, בע-שטימט; ווי עס איז פערשפראכען געווא-רען, ווי מען האט ערווארטעט; צוליעב, א דאנק; דאס וואס עס קומט, א חוב, אן אבליגאציאן; צאהלונג; דאס רעכט אויף עפעס; דירעקט, פינקטליך [בנוגע צו די פונקטען פון א קאמפאס].

due'-bill *n.* (דיו'-ביל) א געשריבענע אנערקענונג אז מען איז עפעס שולדיג; א וועקסעל.

du'el *n. and v.* (דיו'-על) א דועל, א צוויי-קאמפף [א קאמפף פון צוויי פערזא-נען מיט גלייכע וואפען, מייסטענס וועגען עהרע-אנגעלעגענהייטען]; דועלירען.

du'eling *n.* (דיו'-על-אינג) דאס דוע-לירען, דאס שלאגען זיך אויף א דועל.

du'elist *n.* (דיו'-על-איסט) א דועליסט, איינער וואס שלאגט זיך אויף א דועל.

du'elling *n.* (דיו'-על-אינג) ז. *dueling*

du'ellist *n.* (דיו'-על-איסט) ז. *duelist*

duel'lo *n.* (דיו-על'-או) די דועל; די געזעצען אדער כללים פון דועלען.

duen'na *n.* (דיו-ען'-א) די ערשטע הויף-דאמע פון דער שפאנישער קעניגין; אן עלטערע דאמע וואס פערנעהמט דעם ארט האלב פון א גובערנאנטין און האלב פון א געזעלשאפטס-ליידי [קאמפאניאנקע]; אן עלטערע דאמע אלס גובערנאנטין אדער אויפזעהערין.

due propor'tion (דיו פרא-פאור'-שאן) א ריכטיגע פערהעלטניס; סימעטריע.

dues *n.* (דיוז) שולדען; צינזען, שטייע-רען; צאהלונגען; אבצאהלונגען; פפליכ-טען.

duet' *n.* (דיו-עט') א דועט, א מוזיק-שטיק פאר צוויי שטימען אדער צוויי אינסטרומענטען.

duetti'no *n.* (דו-עט-טי'-נא) א קורצער דועט. ז. *duet*

duet'to *n.* (דו-עט'-טא) ז. *duet*

du'e vol'te (דו'-ע וואול'-טע) צוויי מאל [אן אויסדרוק אין מוזיקאלישע קאמפאזי-ציעס].

duff *n. and v.* (דאף) אזא הארטער מעהל-פודינג געקאכט אין א זעקעל, געגע-סען מייסטענס פון מאטראזען אויף שיפען; בוימער-אבפאל [בלעטער, צווייגען א. ד. ג.]; גוטע קויהלען; האנדלען פעטרינגעריש.

duf'fel *n.* (דאפל) אזא דיקער הארינגער וואלען-שטאף; באגאזש, אויסשטאטונג.

duf'fer *n.* (דאפ'-ער) א הויזירער [פעדלער], בעזאנדערס וועלכער האנדעלט מיט פרויען-קליידער; א הויזירער וואס האנדעלט מיט כלומר'שט ארייגעשמוגעלטע זאכען כדי מען זאל מיינען אז מען קויפט ביי איהם מציאות; א דומער יונג, א שוטה.

duf'fing *n. and a.* (דאפ'-אינג) א קינסטליכע פליעג וואס ווערט אנגעטשע-פעט אן א ווענטקע ביים כאפען פיש; פאלש, נאכגעמאכט, ניט עכט; דום, נאריש.

duf'fing coin (דאפ'-אינג קאין) א פאל-שע מטבע.

duf'fle *n.* (דאפל) ז. *duffel*

dug *n.* (דאג) א ציצקע, א ברוסט פון א פרוי; דער אייטער פון א קוה.

dug (דאג) ז. *dig* געגראבען.

du'gong *n.* (דיו'-גאנג) א דיוגאנג [אזא גרויסע ים-חיה פון דעם מין זויג-טהיערע, וואס געפינט זיך אין דעם אינדישען אקעאן און איז ביי 8 פוס לאנג. דאס פלייש פון דיעזער חיה איז עסבאר; אויסערדעם ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן איהר פעל, איהרע צייהנער און אויל].

Dugong

dug'out *n.* (דאג'-אוט) א שיף געמאכט פון אן אויסגעהוילטען קלאץ; א זעמ-ליאנקע אדער ערד-שטיבעל.

dug'-way *n.* (דאג'-הוויי) א דורכגע-שניטענער וועג [אין בערג].

duke *n.* (דיוק) א הערצאג, א דוכס.

duke'dom *n.* (דיוק'-דאם) א הערצאג-טום [דאס לאנד וואס געהערט צו אדער ווערט רעגיערט פון א הערצאג אדער דוכס]; דער טיטעל אדער ווירדע פון א הערצאג אדער דוכס.

dul'cet *a.* (דאל'-סעט) זיס; זיס-קלינ-גענד; מעלאדיש, הארמאניש; אנגענעהם.

dulcifica'tion *n.* (דאל-סי-פי-קיי'-שאן) דאס מאכען זיס; דאס אוועקנעהמען די געזאלצענקייט, ביטערקייט א. ד. ג.

dul'cify *v.* (דאל'-סי-פאי) זיס מאכען; מאכען אנגענעהם.

dul'cimer *n.* (דאל'-סי-מער) א לירע, א ציטערע [א מין מוזיקאלישער אינסטרו-מענט].

dulcin'ea *n.* (דאל-סינ'-אי-ע) דולצינעא,

א געליעבטע [שטאמט פון דעם נאמען פון דאן קיכאט'ס געליעבטער].

Dul'cinist *n.* (דאל'-סי-ניסט) א דולציניסט, איינער פון דער קריסטליכער סעקטע דולציניסטען [פון 14טען יאהרהונדערט], וועלכע האבען נים אנערקענט דעם פאפסט און קיינע רעליגיעזע און וועלטליכע געזעצען און צערעמאָניעס. זיי זיינען געווען געגען פריוואט-אייגענטום, געגען הייראט, טוים-שטראף א. ד. ג.

du'ledge *n.* (דיו'-לעדזש) א הילצערנער באלץ צו פעראייניגען די זעקס רייפען, וועלכע בילדען אוים די ראד פון א הארמאט-וואגען.

duli'a *n.* (דיו-לאי'-א) די פערעהרונג פון מלאכים און הייליגע [אין דער קאטוילישער קירך].

dull *a. and v.* (דאל) טעמפ, דום, נאריש, אונגעלומפערט; מיט א שוואכען פערשטאנד; שווער, לאנגווייליג, לאנגזאם, שלעפעריג, אהן לעבעדיגקייט; אומעדיג, טרויעריג, מעלאנכאליש, נידערגעשלאגען, כמורנע, מאט, טונקעל; מיט א פערשטיקטען קול, אונווירקזאם, שוואך; אונדייטליך; מיט א שלעכטען געהער; מאכען טעמפ, אבשוואכען [די ראיה]; פערמאטערען, מאכען נידערגעשלאגען; טונקעל מאכען; זיין לאנגווייליג; אנווארפען אן אומעט, מאכען טרויעריג; ווערען טעמפ; זיין נאריש.

dull'ard *n. and a.* (דאל'-ארד) א שוטה; נאריש.

dull away' the time (דאל ע-הוויי' טהי טאים) פער'בטל'ען צייט, פטר'ען צייט אויף נארנישט.

dull'-brained *a.* (דאל'-בריינד) דום, מיט א שוואכען קאפ.

dull'-browed *a.* (דאל'-בראוד) מרה-שחורה'דיג, אנגעכמורעט, מיט א כמורנעם, פינסטערען אויסזעהן אדער קוק.

dull'er *n.* (דאל'-ער) איינער וואס מאכט טונקעל, מרה-שחורה'דיג, אומעטיג אדער טעמפ.

dull'-eyed *a.* (דאל'-איד) מיט טונקעלע אויגען; מיט א טרויעריגען בליק.

dull'head *n.* (דאל'-העד) א דומקאפ, א שוטה.

dull'ish *a.* (דאל'-איש) תמ'עוואטע, נאריש.

dull mu'sic (דאל מיו'-זיק) לאנגווייליגע מוזיק; לאנגווייליגקייט.

dull'ness *n.* (דאל'-נעס) נארישקייט, דאס זיין א שוטה.

dull of apprehen'sion (דאל אוו עפ-רי-הענ'-שאן) מיט א שווערער השגה.

dull of hear'ing (דאל אוו היער'-אינג) וואס הערט שווער, מיט א שווערען חוש השמיעה.

dull of sight (דאל אוו סאיט) שוואכזיכטיג.

dull sea'son (דאל סיעזן) א שלעכטער סעזאן, די צייט פון שלעכטען וועטער.

dull'-wit'ted *a.* (דאל'-הוויט'-ער) שוואכקעפיג; נים קלוג.

dul'ly *adv.* (דאל'-אי) מעשה נאר; שטומפיג, אהן גלאנץ, טעמפיג, מאט, אהן ווירקונג, שוואך.

dul'ness *n.* (דאל'-נעס) ז. *dullness*.

dulse *n.* (דאלס) אזא רויט ים-גראז [ווערט געברויכט צום עסען אין שאטלאנד און אין אנדערע לענדער].

du'ly *adv.* (דיו'-לי) געהעריג, ווי עס דארף צו זיין; ריכטיג, פינקטליך.
The agreement was duly signed.

Du'ma *n.* (דו'-מא) די דומא, דער רוסישער פארלאמענט.

dumb *a. and v.* (דאם) שטום; שווייגענד; שטיל; אוננארמאל, מיט א פעהלער; נאריש, תמ'עוואטע; מאכען שטום; פערטויבען [א קלאנג].

dumb'-bell *n.* (דאמ'-בעל) איינער פון די צוויי געוויכטען, וועלכע מען האלט אין די הענד פאר גימנאסטישע איבונגען [יעדער פון דיעזע געוויכטען בעשטעהט פון צוויי קוילען, וועלכע זיינען פעראייניגט מיט א הענטעל].

Dumb-bell

dumbfound' *v.* (דאם-פאונד') פערשטומען, מאכען איינעם שווייגען; איבעררא-שען מיט עטוואס אונערווארטעטעם; ברייננגען אין א צומישונג, קאנפוזען.

dumb'ness *n.* (דאמ'-נעס) שטומקייט, שטילקייט; דאס שווייגען.

dumb'-show *n.* (דאמ'-שאו) פאנטאמימע, דאס שפיעלען אויף דער ביהנע אהן געשפרעך און אהן ווערטער.

dumb'-wai'ter *n.* (דאמ'-הוויי'-טער) א מין אלמערעל מיט פאליצעס, מיט וועלכען עס ווערען ארונטערגעלאזען און ארויפגעהויבען פערשיעדענע זאכען אין א הויז פון איין עטאזש צום צווייטען.

dum'dum *n.* (דאמ'-דאם) דום-דום קויל [א בלייענע קויל איינגעשלאסען אין א דינעם שטאהלענעם הילז. ווען מען שיסט זי ארויס, ווערט זי אויפגעריסען און ווען זי טרעפט אין קערפער פערשאפט זי געפעהרליכע שמערצען].

du'metose *a.* (דיו'-מע-טאוס) עהנליך צו קוסטעס.

dumfound' *v.* (דאם-פאונד') ז. *dumbfound*.

dumfoun'ded *a.* (דאם-פאונ'-דעד) ווי פון דונער געטראפען.

dum'miness *n.* (דאמ'-אי-נעס) נארישקייט.

dum'my *n. and a.* (דאמ'-אי) א שטומער; איינער וואס האלט זיך שטיל; אין טעאטער — א מענש וועלכער פיגורירט אויף דער סצענע, אבער רעדט גארנישט; א זאך וועלכע איז נאכגעמאכט אבער שטעלט נים פאר די ווירקליכקייט [ווי א הילצערנער קעז, א לייםענער עפעל א. ד. ג.]; א מאדעל אדער א פיגור אין א מאגאזין, אויף וועלכער עס איז אנגעטהאן א קלייד; א מאדעל אדער א פארם פון א זאך וואס דארף געמאכט ווערען [ווי למשל א בוך, וועלכעס בעשטעהט פון ווייסען איינגעבונדענעם פאפיער]; אין מעכאניק — א לאקאמאטיוו, פון וועלכען דער דאמפף געהט ארויס אהן גערויש [ווערט בענוצט אין די שטאדט-באהנען]; דער שטראם וואסער פון דער הויפט-קישקע [אויף דער שפראך פון די פייער-לעשער]; די פרעס פון די היטעל-מאכער; אין קארטען-שפיעל — איינער פון די שפיעלער, וועלכער נעהמט נים קיין דירעקטען אנטייל אין דעם קאן [ווען למשל, עס שפיעלען 4 מענשען און דער קאן קען געשפיעלט ווערען נור פון 3, דאן ווערט צו יעדען קאן איינער אויסגעלאזען]; פיקטיוו, פאלש.

du'mose *a.* (דיו'-מאוס) אין באטאניק — וואס האט די פארם פון א קוסט; בעדעקט אדער בעוואקסען מיט קוסטעס.

dump *n. and v.* (דאמפ) אן ארט וואו מען ווארפט מיסט; די כלי, פון וועלכער דאס מיסט ווערט ארויסגעווארפען; דער קלאפ, וועלכער הערט זיך בעת א שווערע זאך פאלט ארונטער; א גראבע שווערע זאך; געלד, "קליינגערס"; א קליינע מטבע אין אויסטראליען; ארויסווארפען מיט איין מאל פון א וואגען דאס וואס ער ענטהאלט; אראבווארפען א שווערע זאך מיט א גערויש.

dum'ping-car *n.* (דאמ'-פינג-קאר) א וואגען, ביי וועלכען דער קאסטען קען זיך אויפהויבען און איבערקעהרען, כדי ארויסצוווארפען מיט אמאל די משא.

dum'ping-cart *n.* (דאמ'-פינג-קארט) ז. *dumping-car*.

dum'ping-ground *n.* (דאמ'-פינג-גראונד) אן ארט וואו מיסט ווערט ארויסגעווארפען.

dum'pish *a.* (דאמ'-פיש) טרויעריג, שווערמוטיג, נידערגעשלאגען, מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג.

dum'pishness *n.* (דאמ'-פיש-נעס) טרויעריגקייט, נידערגעשלאגענקייט, שווערמוטיגקייט; דאס זיין מרה-שחורה'דיג אדער מעלאנכאליש.

dump'ling *n.* (דאמפ'-לינג) אן עפעלטארט; א מין פודינג.

dumps *n.* (דאמפס) טרויערינקייט, שווערמוטינקייט, מעלאנכאליע, מרה-שחורה.
He has met with misfortune and feels he is in the dumps.

dum'py *n. and a.* (דאמ'-פי) קורץ און דיק; א מין הוהן מיט זעהר קורצע פיס.

dun *n., v. and a.* (דאן) טונקעל-ברוין, טונקעל, פינסטער; א טונקעל-ברוין פערד; מאכען טונקעל-ברוין; רויכערען און טריקענען פלייש אדער פיש אזוי, אז עס זאל ווערען טונקעל-ברוין; גערויכערטע און געטריקענטע פיש אדער פלייש מיט א טונקעל-ברוינעם קאליר; פאדערען א חוב; צווינגען צו בעצאהלען א חוב; א שטרענגער מאהנער; א בעל-חוב וואס לאזט נים צו-רוה ביז מען בעצאהלט איהם; א בערגעל.

dun'-bee *n.* (דאנ'-בי) א מין גרויסע פליעג עהנליך צו א ביען.

dunce *n.* (דאנס) א נאר, א שוטה, אן עם-הארץ.

dunce'dom *n.* (דאנס'-דאם) נארענלאנד, די מלוכה פון נארען.

dun'cery *n.* (דאנ'-סער-אי) דומהייט, נארישקייט.

dun'cish *a.* (דאנ'-סיש) דום, נאריש.

dun'cishness *n.* (דאנ'-סיש-נעס) ז. *duncery*.

dun'der *n.* (דאנ'-דער) דער דונער, געוויטער; אבזעצונג פון איינגעמאכטס, ווארעניעס אדער סיראפ.

dun'derhead *n.* (דאנ'-דער-העד) א דומקאפ, א נאר.

dun'derpate *n.* (דאנ'-דער-פייט) ז. *dunderhead*.

dun'-di'ver *n.* (דאנ'-דאי'-ווער) די "זי" טויף-ענטעל [א מין ענטעל אדער קאטשקע].

dune *n.* (דיון) א בערגעל אדער א וואל פון אנגעטראטענער זאמד אויף'ן ברעג ים.

dun'fish *n.* (דאנ'-פיש) א געזאלצענער און געטריקענטער שטאק-פיש. ז. *cod*.

dun'-fly *n.* (דאנ'-פלאי) ז. *dun-bee*.

dung *n. and v.* (דאנג) מיסט פון א בהמה; מיסטיגונג [פאר פעלדער]; מיסטיגען.

dung'-ba'sin *n.* (דאנג'-בייסן) א מיסטגרוב.

dung'-bee'tle *n.* (דאנג'-ביטעל) א מיסט־זשוק.

Dung-beetle

dung'-cart *n.* (דאנג'-קארט) א מיסט־וואגען.

dun'geon *n. and v.* (דאנ'-דזשאן) א געפענגעניס, א פינסטערע טורמע; א טורעם פון א פעסטונג; ארײנזעצען אין טורמע.

dung'-fork *n.* (דאנג'-פארק) א מיסט־גאפעל, א מיסט־ווידלע.

dung'hill *n. and a.* (דאנג'-היל) א מיסט־בערגעל; א שמוציגע וואהנונג; א פערזאן פון נידריגען שטאנד; געמיין, נידריג.

dung'-hole *n.* (דאנג'-האול) א מיסט־גרוב.

dung'-pit *n.* (דאנג'-פיט) ז. *dung-hole*

dung'y *a.* (דאנג'-אי) קויטיג, שמוציג, געמיין, נידריג.

dung'-yard *n.* (דאנג'-יארד) א מיסט־הויף.

Dun'ker *n.* (דאנ'-קער) א איינער פון א סעקטע פון דייטש־אמעריקאנישע באפטיסטען, וועלכע פיהרען זעהר אן איינפאכען לעבענס־ארט, טראגען ארוים געגען יעדער מלחמה און געריכטס־פראצעססען און האלטען, אז טויפען קען מען נור א דערוואקסענעם מענשען און נים קליינע קינדער.

dun'lin *n.* (דאנ'-לין) א מין פויגעל מיט א לאנגען שנאבעל [האלט זיך אויף מייס־טענס אויף די ברעגעס פון ים אין אייראָ־פא און אמעריקא].

Dunlin

dun'ner *n.* (דאנ'-ער) א בריה אין מאה־נען חובות; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט אויפקויפען וועקסלען און אויפמאה־נען חובות.

dun'nish *a.* (דאנ'-איש) ברוינליך, וואס האט א ברוינליכען קאליר.

du'o *n.* (דיו'-או) א דועט. ז. *duet*

duodecen'nial *a.* (דיו-א-די-סענ'-אי-על) צוועלפיעהריג; וואס ענטהאלט צוועלף יאהר.

duodec'imal *n. and a.* (דיו-א-דעס'-אי-מעל) רעכענענדיג מיט צוועלפען; די סיסטעם פון רעכענען מיט צוועלפען.

duodec'imally *adv.* (דיו-א-דעס'-אי-מעל-אי) דורך אדער מיט צוועלפען; רע־כענענדיג מיט צוועלפען.

duodecim'fid *a.* (דיו-א-די-סים'-פיד) געטיילט אין צוועלף טיילען.

duodec'imo *n. and a.* (דיו-א-דעס'-אי-מאו) א בלאט פון א בוך וואס איז $5\frac{1}{8}$ אינטשעס [צאל] ברייט און $7\frac{2}{3}$ אינטשעס לאנג; וואס בעשטעהט פון בוי־גענס וועלכע זיינען געקנייטשט אין בלע־טער פון $5\frac{1}{8}$ אינטשעס ברייט און $7\frac{2}{3}$ לאנג.

duodec'uple *a.* (דיו-א-דעק'-יופל) צוועלף־פאך; וואס בעשטעהט פון צוועלף.

duoden'ary *a.* (דיו-א-דענ'-ע-רי) וואס איז שייך צו דער צאהל צוועלף; צוועלף־פאך.

duoden'ary scale (דיו-א-דענ'-ע-רי סקייל) די צוועלפער רעכנונגס־סיסטעם. ז. *duodenary system*

duoden'ary sys'tem (דיו-א-דענ'-ע-רי סיס'-טעם) די צוועלפער רעכנונגס־סיסטעם [די סיסטעם, ביי וועלכער יעדע ציפער, געצעהלט פון רעכטס צו לינקס, פערגרעסערט זיך מיט 12 מאל אנשטאט מיט 10 מאל ווי אין דער געוועהנליכער אריפמעטישער סיסטעם].

duodeni'tis *n.* (דיו-א-די-נאי'-טיס) אן ענטצינדונג אויף דער צוועלף־פינגער קישקע.

duode'num *n.* (דיו-א-די'-נאם) די צוועלף־פינגער קישקע [איינע פון די קליי־נע קישקעס וועלכע איז דירעקט פערבונ־דען מיט'ן מאגען]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

duolit'eral *a.* (דיו-א-ליט'-ע-רעל) וואס בעשטעהט פון צוויי בוכשטאבען.

du'ologue *n.* (דיו'-א-לאג) א דיאלאג, א צוויי־געשפרעך [א געשפרעך וואס ווערט געפיהרט פון צוויי].

duo'mo *n.* (דהוואו'-מאו) א קאטעדרא־לע, א דאם, א גרויסע קירך.

dupabil'ity *n.* (דיו-פע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אבגענארט אדער בעטראגען ווערען.

du'pable *a.* (דיו'-פעבל) וואס מען קען אבנארען, בעטריגען אדער איינריידען.

dupe *n. and v.* (דיופ) איינער וואס לאזט זיך נארען; א נאר; אבנארען, בע־טריגען.

dupeabil'ity *n.* (דיו-פע-ביל'-אי-טי) ז. *dupability*

du'peable *a.* (דיו'-פעבל) ז. *dupable*

du'per *n.* (דיו'-פער) אן אבנארער; א בעטריגער, א שווינדלער.

du'pery *n.* (דיו'-פער-אי) שווינדעל, בע־טרוג, בעטריגעריי.

du'ple *a. and v.* (דיופל) צווייפאך, דאפעלט; דאפלען.

du'plex *n., a. and v.* (דיו'-פלעקס) דא־פעלט, צווייפאך; א פערדאפלונג, א פער־צווייפאכונג, איינארדנען דעם טעלעגראף־דראט אזוי, אז מען זאל קענען גלייכציי־טיג שיקען צוויי טעלעגראמען אין געגענ־געזעצטע ריכטונגען; שיקען טעלעגראמען דורך א דאפעל־טעלעגראף.

du'plex tel'egraph (דיו'-פלעקס טעל'-ע-גרעף) א דאפעל־טעלעגראף [אזא טע־לעגראף דורך וועלכען מען קען גלייכציי־טיג שיקען צוויי טעלעגראמען אין געגענ־געזעצטע ריכטונגען].

electrotech'nics *n.* (אי-לעק-טראָ-טעק'-ניקס) עלעקטראָטעכניק, די וויסענשאַפט וועגען דער פּראַקטישער בענוצונג פון עלעקטריציטעט אין דער אינדוסטריע און לעבען.

electrotelegraph'ic *a.* (אי-לעק-טראָ-טעל-ע-גרעפ'-איק) וואָס איז שייך צום עלעקטרישען טעלעגראַף [דער געוועהנליכער טעלעגראַף].

electrotel'egraphy *n.* (אי-לעק-טראָ-טעל'-ע-גרעף-אי) דאָס טעלעגראַפירען מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט [ווי ביי דעם געוועהנליכען טעלעגראַף].

electrotherapeu'tic *a.* (אי-לעק-טראָ-טהער-ע-פּיו'-טיק) וואָס איז שייך צו דער היילונג פון קראַנקהייטען דורך עלעקטריציטעט.

electrotherapeu'tical *a.* (אי-לעק-טראָ-טהער-ע-פּיו'-טיק-על). ז. *electrotherapeutic*

electrotherapeu'tics *n.* (אי-לעק-טראָ-טהער-ע-פּיו'-טיקס) דאָס היילען קראַנקהייטען דורך עלעקטריציטעט; די פּרינציפּען פון דיעזער היילונגס-מעטאָדע.

electrother'mancy *n.* (אי-לעק-טראָ-טהויר'-מען-סי) דער טייל פון דער עלעקטריציטעטס-וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער ווירקונג פון עלעקטרישען שטראָם אויף די טעמפּעראַטור פון אַן עלעקטרישען לייטער [קאָנדוקטאָר], וועלכער איז צונויפגעשטעלט פון צוויי מעטאַלען.

electrothermot'ic *a.* (אי-לעק-טראָ-טהויר-מאָט'-איק) וואָס איז שייך צו וואַרעמקייט, וועלכע ווערט אַרויסגערופען דורך עלעקטריציטעט.

elec'trotype *v. and n.* (אי-לעק'-טראָ-טאַיפּ) אַראָבנעהמען אין מעטאַל אַ קאָפּיע פון גראַווירונגען אָדער פון עטוואָס אַנדערעם דורך עלעקטריציטעט; אַ קאָפּיע אין מעטאַל וואָס ווערט אַראָבגענומען פון אַ גראַווירונג אָדער פון עטוואָס אַנדערעם דורך עלעקטריציטעט [גאַלוואַנאָפּלאַסטיק].

elec'trotyper *n.* (אי-לעק'-טראָ-טאַי-פּער) איינער וואָס נעהמט אַראָב קאָפּיעס פון גראַווירונגען אָדער אַנדערע זאַכען דורך עלעקטריציטעט [גאַלוואַנאָפּלאַסטיק].

electrotyp'ic *a.* (אי-לעק-טראָ-טיפּ'-איק) וואָס איז שייך צום אַראָבנעהמען קאָפּיעס פון גראַווירונגען דורך עלעקטריציטעט [גאַלוואַנאָפּלאַסטיק].

elec'trotyping *n.* (אי-לעק'-טראָ-טאַי-פּינג) דאָס אַראָבנעהמען קאָפּיעס פון גראַווירונגען אָדער פון עטוואָס אַנדערעם דורך עלעקטריציטעט [גאַלוואַנאָפּלאַסטיק].

elec'trotypy *n.* (אי-לעק'-טראָ-טאַי-פּי) ז. *electrotyping*

elec'trum *n.* (אי-לעק'-טראָם) ניי-זיל-בער; ברושטין; גאָלד וואָס ענטהאַלט אַ גרויסען פּראָצענט זילבער.

elec'tuary *n.* (אי-לעק'-טשו-ע-רי) אין מעדיצין — אַ מין פּולווער אויסגעמישט מיט האָניג אָדער סירופּ אַלס רפואה צו געוויסע קראַנקהייטען.

eleemos'ynary *a. and n.* (על-אי-מאָס'-אי-נע-רי) וואָס איז שייך צו צדקה; וואָס ווערט ערהאַלטען פון נדבות; וואָס לעבט פון קצבה; איינער וואָס בעקומט קצבה.

el'egance *n.* (על'-אי-גענס) עלעגאַנץ, ציערליכקייט, אַנגענעהמליכקייט, גלאַנץ, רייץ.

el'egancy *n.* (על'-אי-גען-סי) ז. *elegance*

el'egant *a.* (על'-אי-גענט) עלעגאַנט, פיין, גלענצענד, גראַציעז, אַנגענעהמליך, העפליך, ציערליך, שעהן.

el'egantly *adv.* (על'-אי-גענט-לי) אויף אַן עלעגאַנטען, העפליכען אָדער גראַציעזען שטייגער.

ele'giac *a.* (על-לי'-דזשי-עק) עלעגיש, טרויעריג; וואָס איז שייך צו אַן עלעגיע אָדער געדיכט, אין וועלכען עס איז אויסגעדריקט אַ טרויעריגע שטימונג פון פּאָעט; געשריבען אין עלעגישען מעטער [אַזאַ פאָרם פון ליעדער-שרייבען].

elegi'acal *a.* (על-אי-דזשאַי'-ע-קעל) ז. *elegiac*

el'egist *n.* (על'-אי-דזשיסט) איינער וואָס שרייבט עלעגיען אָדער קלאַג-ליעדער.

ele'git *n.* (אי-לי'-דזשיט) אַ געריכטליכע שריפט, דורך וועלכער דאָס אייגענטום פון אַ בעל-חוב קען איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון מאַהנער ביז ער קען עס פערהאַלטען אַלס משכון ביז דער חוב ווערט אָבגעצאָהלט.

el'egize *v.* (על'-אי-דזשאַיז) שרייבען אַן עלעגיע; בעקלאָגען; שרייבען אין דער פאָרם פון אַן עלעגישען מעטער. ז. *elegiac*

el'egy *n.* (על'-אי-דזשי) אַן עלעגיע, אַ טרויער-ליעד, אַ געדיכט, אין וועלכען דער פּאָעט דריקט אויס אַ מעלאַנכאָלישע שטימונג.

el'ement *n.* (על'-אי-מענט) עלעמענט, יסוד, אַ גרונד-זאַך, אַ גרונד-פּרינציפּ; אין דער פילאָזאָפיע פון אַלטערטום — איינער פון די פיער יסודות [ערד, וואַסער, לופט און פייער], פון וועלכע עס בעשטעהט די גאַנצע וועלט; אין דער מאָדערנער כעמיע — אַ גרונד-שטאָף אָדער אַן איינפאַכער שטאָף, וועלכען מען קען שוין מעהר נים פאַנאַנדערלעגען אויף נאָך איינפאַכערע שטאָפען [ווי קוילען-שטאָף, וואַסער-שטאָף, זויער-שטאָף א. ד. ג.]; אין פיזיק — אַן אַפּאַראַט פאַר גאַלוואַנישע עלעקטריציטעט; אין מאַטעמאַטיק — איינע פון אַ צאָהל זאַכען אָדער געגענשטענדע, וועלכע בילדען אויס איין סימעטרישע גאַנצע; איינע פון די אַנגעגעבענע צאָהלען, דורך וועלכע עס פאָדערט זיך צו ענטשייזען אַ מאַטעמאַטישע פּראָבלעם; אין געאָמעטריע — איינע פון די פּונקטען, ליניען און פלעכען, פון וועלכע עס ווערט געבויט אַ געאָמעטרישע פיגור; אין ביאָלאָגיע — איינער פון די הויפּט-טיילען פון אַן אָרגאַניזם אָדער פון אַן אבר; די נאַטירליכע סביבה אָדער ספערע, אין וועלכער אַ בעשעפעניש קען זיך געפינען.

elemen'tal *a.* (על-אי-מען'-טעל) וואָס איז שייך צום עלעמענט אָדער צום גרונד-פּרינציפּ פון עפּעס; וואָס איז שייך צו די יסודות פון דער וועלט.

elemen'talism *n.* (על-אי-מען'-טעל-איזם) די פערגעטערונג פון די עלעמענטען פון דער נאַטור, די פערגעטערונג פון דער ערד, וואַסער, לופט און פייער [ביי אַלטע פעלקער].

elemental'ity *n.* (על-אי-מען-טעל'-אי-טי) דאָס זיין עלעמענטאַר, איינפאַך; דאָס זיין אַן עלעמענט אָדער די גרונד-זאַך פון עפּעס.

elemen'tally *adv.* (על-אי-מען'-טעל-אי) בנוגע צו די עלעמענטען.

elemen'tariness *n.* (על-אי-מען'-טע-רי-נעס) דאָס זיין עלעמענטאַר אָדער איינפאַך.

elemen'tary *a.* (על-אי-מען'-טע-רי) עלעמענטאַר, ערשט; איינפאַך, אונפאַלקאָם.

elemen'tary geom'etry (על-אי-מען'-טע-רי דזשי-אָמ'-עט-רי) עלעמענטאַ-

רע געאמעטריע [געאמעטריע פאר אנפאנגער].

el'emi *n.* (על'-ע-מי) עלעמיהארץ [א מין זאפט וואס ווערט ארויסגעצויגען פון בוימער און געברויכט צו מאכען לאקען און מעדיצינען].

elench' *n.* (אי-לענק') אין לאגיק — א סאפיזם, א פאלשער סילאגיזם; דאס פיהרען צו אזא שלוס-פאלגערונג, ביי וועלכער דער געגנער ווידערשפרעכט זיך אליין אין זיין בעהויפטונג.

elench'us *n.* (אי-לענק'-אס) ז. *elench*

el'ephant *n.* (על'-אי-פענט) אן עלעפאנט; א שווערע פערלעגענהייט; עטוואס וואס ברייגנט אין א פערלעגענהייט אדער פון וואס מען וויים ניט ווי פטור צו ווערען; עלפאנטביין; צייכען-פאפיער אדער שרייב פאפיער וואס איז 27x22 צאל [אינטשעס].

el'ephant-bee'tle *n.* (על'-אי-פענט-ביעטל) אן עלפאנט-קעפער, אן עלפאנט-זשוק [א זעהר גרויסער זשוק].

elephan'tiac *a.* (על-אי-פענ'-טי-עק) וואס איז שייך צו אדער וואס ליידט פון עלפאנטיאזים [הויט-קראנקהייט, קרעץ, צרעת].

elephanti'asis *n.* (על-אי-פענ-טאי'-ע-סים) עלפאנטיאזים [אזא הויט-קראנקהייט, קרעץ, צרעת].

elephan'tine *a.* (על-אי-פענ'-טין) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו אן עלפאנט; גרויס, שווער, אונגעלומפערט; געמאכט פון עלפאנטביין.

el'ephant's-tusk *n.* (על'-אי-פענטס-טאסק) א צאהן-שנעקע [אזא מאלוסקעל].

el'evate *v.* (על'-אי-וויים) 1. אויפהויבען, מאכען העכער; 2. דערהויבען, פערעדלען, פערבעסערען; אויפרעגען, אויפמונטערען, בעלעבען; 3. אביסעל פער'שכור'ען.
2. The object of this society is to elevate the stage.

el'evated *a.* and *n.* (על'-אי-וויי-טער) דערהויבען, פון הויכער שטעלונג, ערהאבען; אויפגעמונטערט, בעלעבט; א הויך-באהן.

el'evatedness *n.* (על'-אי-וויי-טער-נעס) הויכקייט, דערהויבענקייט, הייכע שטעלונג, ערהאבענהייט, אויפגעמונטערטקייט.

eleva'tion *n.* (על-אי-וויי'-שאן) דערהויבונג, אויפהויבונג, הויכקייט, א הויכער פּלאץ, הויכע שטעלונג, ערהאבענהייט, אויפמונטערונג; אין אסטראנאמיע — די הויך פון א שטערען פון דעם האריזאנט; די הויכקייט פון א געגענד איבער דער ים-פלעכע; אין דער קריסטליכער קירך — די צערעמאניע פון אויפהויבען די הייליגע ברוים און וויין; א געזאנג ביי דיעזער צערעמאניע ביי די קאטאליקען; די זייטען-אנזיכט פון א געגענשטאנד.

el'evator *n.* (על'-אי-וויי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס הויבט אויף, דערהויבט אדער מונטערט אויף; א הויב-אפאראט, א פאהר-שטוהל, אן עלעוואטאר, א קאסטען אדער וואגאן צו הויבען משאות אדער ארויפצופיהרען מענשען אין הויכע געביידעס; א תבואה-שפייכלער מיט הויב-אפאראטען; אין אנאטאמיע — א הויב-מוסקעל; א מעדיציניישער אינסטרומענט אויפצוהויבען אן אריינגעדריקטען אדער צובראכענעם טייל פון'ם שארבען.

el'evatory *a.* and *n.* (על'-אי-וויי-טא-רי) וואס הויבט אויף, וואס מאכט העכער; א מעדיצינישער אינסטרומענט אויפצוהויבען אן אריינגעדריקטען אדער צובראכענעם טייל פון א שארבען.

elev'en *n.* and *a.* (אי-לעוון') עלף; די צאהל עלף; א פארטיע אדער צד אין קריקעט-שפיעל [ווערט אזוי גערופען, ווייל געוועהנליך בעשטעהט אזא פארטיע פון 11 מענשען].

elev'enth *a.* and *n.* (אי-לעוו'נטה) עלפטער; אן עלפטעל.

elev'enth hour (אי-לעוו'נטה אור) דער לעצטער מאמענט, פונקט אין דעם מאמענט איידער עס וואלט שוין געווען צו שפעט.

elf *n.* and *v.* (עלף) אן עלף [א גייסט, וועלכער געפינט זיך, לויט דעם פאלק'ס אבערגלויבען, אין אונבעוואהנטע פלעצער]; א גייסט, א שד; א געמיינער קערל; איינער וואס טהוט אב בייזע שפיצלעך; א כיטרער יונג; א קארליק, א צווערג; א צערטליכער נאמען פאר א שעהן, לעבעדיג קינד; פערפלאנטערען, פערקנוילען [האר].

elf'-ar'row *n.* (עלפ'-ער'-או) א שטיינערנע פייל [פון דער שטיין-פעריאדע. ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם גלויבען וואס האט אמאל עקזיסטירט, אז מיט דיעזע פיילען האבען זיך בענוצט עלפען אדער גייסטער].

elf'-bolt *n.* (עלפ'-באולט) ז. *elf-arrow*

elf'-child *n.* (עלפ'-טשאילד) א קינד, וואס איז, לויט דעם פאלקס-גלויבען, פערביטען געווארען דורך שדים; א פערביטען קינד.

elf'-dart *n.* (עלפ'-דארט) ז. *elf-arrow*

el'fin *n.* and *a.* (על'-פין) אן עלף, א גייסט, א שד; א פאנטאסטיש בעשעפעניש; א טייוועל א קינד [א שפאסיגער אדער צערטליכער צונאמען]; וואס איז שייך צו אן עלף. ז. *elf*

el'fish *a.* (על'-פיש) וואס איז שייך צו אן עלף אדער צום פאנטאסטישען עלפען-לאנד; פעראורזאכט פון עלפען; כיטרע, וואס טהוט אב בייזע שפיצלעך, ווי עלפען. ז. *elf*

el'fishly *adv.* (על'-פיש-לי) ווי אן עלף; כיטרע; אבטהוענדיג בייזע שפיצלעך. ז. *elf*

elf'-land *n.* (עלפ'-לענד) דאס עלפען-לאנד, דאס גייסטער-לאנד.

elf'-lock *n.* (עלפ'-לאק) א פערקאלטענטער האר-לאק; צושויבערטע האר.

elf'-shot *n.* (עלפ'-שאט) ז. *elf-arrow*

elf'-stone *n.* (עלפ'-סטאון) ז. *elf-arrow*

elic'it *v.* (אי-לים'-איט) ארויסציהען; ארויסרופען, ארויסברייגנען, ארויסקריגען.
The appeal to the public elicited a response.

elicita'tion *n.* (אי-לים-אי-טיי'-שאן) ארויסציהונג, ארויסרופונג, דאס ארויסברייגנען, דאס ארויסקריגען.

elide' *v.* (אי-לאיד') אין גראמאטיק — ארויסווארפען אדער דורכלאזען א בוכשטאב אדער זילבע אין אויסשפראך אדער אין שריפט [ווי למשל, אין פאל, ווען מען געברויכט "כ'בין" אנשטאט "איך בין"].

eligibil'ity *n.* (על אי-דזשי ביל' אי-טי) וועהלבארקייט; דאס זיין פאסיג, בערעכטיגט אדער ווערטה ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט; דאס זיין ווינשענסווערטה; דאס זיין פארציגליך.

el'igible *a.* and *n.* (על'-אי-דזשיבל) וועהלבאר; וואס איז פאסיג, בערעכטיגט אדער ווערטה ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט; ווינשענסווערטה; פארציגליך; איינער וואס איז [געזעצליך] בערעכטיגט ערוועהלט צו ווערען פאר אן אמט.

el'igibleness *n.* (על'-אי-דזשיבל-נעס) ז. *eligibility*

el'igibly *adv.* (על'-אי-דזשי-בלי) אויף אזא אופן, אז איינער זאל ווערטה זיין אדער זיין בערעכטיגט ערוועהלט צו ווערען צו אן אמט.

elim'inate *v.* (אי-לים'-אי-נייט) ארויסווארפען, בעזייטיגען, אבשאפען, ניט נעהמען אין אנבעטראכט, אויסשליסען, פטור ווערען [פון עפעס].

elimina'tion *n.* (אי-לים-אי-ניי'-שאן) דאס ארויסווארפען, דאס בעזייטיגען, דאס אבשאפען, דאס ניט נעהמען אין אכט, דאס אויסשליסען, דאס פטור ווערען [פון עפעס]; דאס פערטרייבען אדער דאס ארויסווארפען [פון א הויז].

elim'inative *a.* (אי-לים'-אי-ניי-טיוו) אבלענענד, אבפיהרענד; וואס ווארפט אב; וואס בעזייטיגט.

elim'inator *n.* (אי-לים'-אי-ניי-טאר) איינער אדער עפעס וואס בעזייטיגט, ווארפט אב אדער פיהרט אב.

elim'inatory *a.* (אי-לים'-אי-ניי-טא-רי) ז. *eliminative*

eli'sion *n.* (אי-ליזש'-אן) דאס ארויסווארפען, דאס ארויסלאזען; אין גראמאטיק — דאס אויסלאזען א בוכשטאב אדער א זילבע. ז. *elide*

élite' *n.* (איי-ליט') דער בעסטער טייל [הויפטזעכליך פון דער געזעלשאפט]; די פני.

elix'ate *v.* (אי-ליק'-סייט) זידען, קאכען, ארויסציהען די זאפט דורך קאכען.

elixa'tion *n.* (על-איק-סיי'-שאן) דאס זידען, דאס קאכען; דאס ארויסציהען די זאפט דורך קאכען; פערדייאונג.

elix'ir *n.* and *v.* (אי-ליק'-סיר) עליקסיר; אין אלכעמיע — א שטאף וועגען וועלכען מען האט געגלויבט, אז ער קען פערוואנדלען פשוט'ע מעטאלען אין גאלד און זילבער, פערלענגערען דאס לעבען און אומקעהרען די פערלארענע יוגענד; דער תמצית, דער תוך, דער קווינטעסענץ; אין מעדיצין — א שמעקענדער, אנגענעהמער הייל-געטראנק; מאכען עטוואס פאר אן עליקסיר, צוגעבען די אייגענשאפטען פון עליקסיר.

elix'ir vi'tæ (אי ליק' סויר וואי' טיע) דער לעבענס-עליקסיר [א שטאף אין אלכעמיע, וועגען וועלכען מען האט געגלויבט, אז ער קען פערלענגערען דאס לעבען און אומקעהרען די פערלארענע יוגענד].

Elizabeth'an *a.* (אי-ליז-ע-בעטה'-ען) וואס איז שייך צו דער ענגלישער קעניגין עליזאבעטא און צו דער פעריאדע פון איהר רעגיערונג [זי האט רעגיערט פון 1558 ביז 1603].

Elizabeth'an lit'erature (אי-ליז-ע-בעטה'-ען ליט'-ע-רע-טשור) די ענגלישע ליטעראטור-פעריאדע אין דער צייט פון דער ענגלישער קעניגין עליזאבעטא. די פעריאדע האט זיך אויסגעצייכענט מיט א גרויסער צאהל בעדייטענדע שרייבער און ליטערארישע ווערק, וועלכע פערנעהמען נאך ביז איצט א גרויסען פלאץ אין דער ענגלישער ליטעראטור. פון די בעדייטענדסטע שרייבער פון יענער צייט זיינען: פרענסים בייקאן אלס פילאזאף און שעקספיער אלס דראמאטורג.

Elizabeth'an type (אי-ליז-ע-בעטה'-

ען־טאיפ) אין דרוקעריי — אזא לענגליכע שמאלע שריפט. ז. ***church text***.

elk *n.* (עלק) דאס עלענטהיער [אזא הירש]. ז. ***moose***.

ell *n.* (על) אן אייל, אן עלע [א לענגען־מאס, הויפטזעכליך פאר טוך. די ענגלישע אייל האלט א יארד און א פיערטעל אדער 45 אינטשעס; די פראנצויזישע — אנדערהאלבען יארד אדער 47.245 אינטשעס; די פוילישע — 22.65 אינטשעס; די פרייסישע — 26.259]; א הויז־פליגעל וואס זעהט אויס ווי דער בוכשטאב *L*; א רעהר־פערבינדונג וואס בילדעט א גלייכען ווינקעל.

ellipse' *n.* (ע־ליפס') אין געאמעטריע — אן עליפסע [א קרייז צונויפגעדריקט אין דער פארם פון אן איי].

ellip'sis *n.* (ע־ליפ'־סיס) אין גראמאטיק — אן עליפסע [די ארויסלאזונג פון א ווארט אדער א טייל פון א פראזע, א ניט־פאלשטענדיגער זאץ (ווי למשל; "רוהיג!" אנשטאט: "האלט זיך רוהיג!")]; אין דרוקעריי — צייכענס וואס צייגען, אז געוויסע בוכשטאבען אדער ווערטער זיינען דורכגעלאזען געווארען [—, ***, ...].

ellip'sograph *n.* (ע־ליפ'־סא־גרעף) אן עליפסאגראף [אן אינסטרומענט צו צייכענען עליפסען]. ז. ***ellipse***.

ellip'soid *n.* (ע־ליפ'־סאיד) אין געאמעטריע — אן עליפסאיד [א געאמעטרישער קערפער, וואס ווען ער ווערט געשניטען, גיט ער אין שניט די פארם פון אן עליפסע]. ז. ***ellipse***.

ellipsoi'dal *a.* (על־איפ־סאי'־דעל) וואס איז שייך צו אן עליפסאיד. ז. ***ellipsoid***.

ellip'tic *a.* (ע־ליפ'־טיק) עליפטיש, וואס האט די פארם פון אן עליפסע; וואס איז שייך צו אן עליפסע [אין געאמעטריע און גראמאטיק]. ז. ***ellipse*** און ***ellipsis***.

ellip'tical *a.* (ע־ליפ'־טי־קעל) ז. ***elliptic***.

ellip'tic arch (ע־ליפ'־טיק ארטש) אין ארכיטעקטור — א בויגען אדער געוועלב וואס איז עהנליך צו אן עליפסע [א קרייז צונויפגעדריקט אין דער פארם פון אן איי].

Elliptic Arch

elliptic'ity *n.* (על־איפ־טיס'־אי־טי) דאס זיין עליפסענפערמיג. ז. ***ellipse***.

ellip'tograph *n.* (ע־ליפ'־טא־גרעף) אן עליפטאגראף אדער עליפסאגראף. ז. ***ellipsograph***.

ell'wand *n.* (על'־הוואנד) אן אמאליגע איילען־מאס אין ענגלאנד וואס איז געווען 45 צאל [אינטשעס] לאנג.

elm *n.* (עלם) דער אולם־בוים [א מין גרויסער בוים מיט געצייהנדעלטע בלעטער. זיין האלץ ווערט געברויכט אויף פערשיעדענע טישלער־ארבייט].

el'my *a.* (על'־מי) רייך בעוואקסען מיט אולם־בוימער. ז. ***elm***.

elocu'tion *n.* (על־א־קיו'־שאן) רעדע־קונסט; דאס רעדען; די רעדע־קראפט.

elocu'tionary *a.* (על־א־קיו'־שאנ־ע־רי) וואס איז שייך צו דער רעדע־קונסט.

elocu'tionist *n.* (על־א־קיו'־שאנ־איסט) איינער וואס בעזיצט די רעדע־קונסט; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער רעדע־קונסט אדער לערענט אנדערע די קונסט שעהן צו רעדען.

éloge' *n.* (איי־לאוזש') ז. ***elogy***.

elo'gium *n.* (אי־לאו'־דזשי־אם) ז. ***elogy***.

el'ogy *n.* (על'־א־דזשי) א לויב־רעדע [הויפטזעכליך נאך א טויטען].

El'ohim *n.* (על'־א־הים) אלהים [גאט].

El'ohism *n.* (על'־א־היזם) דאס דיענען גאט אלס אלהים [לויט דער געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאן, האבען די אידען אין פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע ערטער אנגערופען גאט מיט פערשיעדענע נעמען, ווי אלהים, יהוה, אל שדי א. ד. ג. אונטער דעם נאמען אלהים האט מען וועגען גאט געהאט אן אנדער פארשטעלונג־ איידער אונטער איינעם פון זיינע אנדערע נעמען].

El'ohist *n.* (על'־א־היסט) דער אלהיסט, דער אונבעוואוסטער שרייבער, וועגען וועלכען מען מיינט, אז ער האט פערפאסט די אלהיסטישע שטעלען פון חומש. ז. ***Elohistic***.

Elohis'tic *a.* (על־א־היס'־טיק) אלהיסטיש, וואס איז שייך צו די אלהיסטישע שטעלען פון חומש [אין חומש, אין די ערשטע קאפיטלען, קען מען בעמערקען צוויי בעזונדערע ערצעהלונגען וועגען דער בעשאפונג פון דער וועלט און פון מענשען. אין דער ערשטער ערצעהלונג ווערט גאט אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "אלהים" און אין דער צווייטער ערצעהלונג ווערט ער אומעטום בעצייכענט מיט דעם נאמען "יהוה־אלהים"].

eloign' *v.* (אי־לאין') ז. ***eloin***.

eloin' *v.* (אי־לאין') דערווייטערען, אבווייטערען.

elong'ate *v. and a.* (אי־לאהנג'־אייט) פערלענגערען, אויסציהען, מאכען לענגער; אויסגעצויגען, פערלענגערט.

elonga'tion *n.* (אי־לאהנג־איי'־שאן) די אויסציהונג, די פערלענגערונג, דאס זיין אויסגעצויגען אדער פערלענגערט; אין אסטראנאמיע — דער מהלך אדער די דיסטאנץ פון א פלאנעט ביז דער זון, אויף וויפיעל מען קוקט אויף דעם פון דער ערד; אין כירורגיע — א טיילווייזע אויסלינקונג פון אן אבר דורך דעם, וואס דער באנדאזש אויף א וואונד איז צו שטארק אנגעצויגען אדער צופיעל פערלענגערט.

elope' *v.* (אי־לאופ') אנטלויפען פון איינעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי א פרוי ווען זי אנטלויפט מיט אן אנדער מאן]; אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elope'ment *n.* (אי־לאופ'־מענט) דאס אנטלויפען פון איינעם, מיט וועמען מען איז געזעצליך פערבונדען [ווי דאס אנטלויפען פון א פרוי פון איהר מאן]; דאס אנטלויפען מיט א געליעבטער אדער געליעבטען און חתונה האבען.

elo'per *n.* (אי־לאו'־פער) דער וואס אנטלויפט פון א התחיבות אדער געזעצליכען פערבאנד; איינער וואס אנטלויפט מיט א געליעבטער.

el'oquence *n.* (על'־א־קהווענס) עלאקווענץ, בערעדזאמקייט, דאס רעדען מיט שעהנע אויסדריקע; דאס וואס ווערט שעהן ארויסגערעדט אדער אויסגעדריקט.

el'oquent *a.* (על'־א־קהווענט) בערעדזאם, וואס קען אויסדריקען זיינע געפיהלען מיט א שטארקער און שעהנער בערעדזאמקייט; וואס דריקט אויס א שטארקען געפיהל.

el'oquently *adv.* (על־א־קהווענט־לי) מיט בערעדזאמקייט; דורך רעדען מיט שעהנע און איינדרוקספאלע אויסדריקע.

else *adv.* (עלס) 1. אויף אן אנדער אופן; עטוואס אנדערש; 2. זאנסט, ווען ניט; 3. אנדערשוואו.

1. I shall try something **else**. 2. You must help me, **else** I am ruined. 3. I shall go somewhere **else**.

else'where *adv.* (עלס'־הוועהר) אנדערשוואו.

elu'cidate *v.* (אי־ליו'־סי־דייט) ווארפען א ליכט, קלאר מאכען, ערקלערען.

elucida'tion *n.* (אי־ליו־סי־דיי'־שאן) דאס בעלייכטען, דאס קלאר מאכען, די אויפקלערונג.

elu'cidative *a.* (אי־ליו'־סי־דיי־טיוו) וואס בעלייכטעט, וואס מאכט קלאר, ערקלערענד.

elu'cidator *n.* (אי־ליו'־סי־דיי־טאר) דער וואס בעלייכט אדער מאכט קלאר א זאך; אן ערקלערער.

elude' *v.* (אי־לוד') זיך קינסטליך ארויסדרעהן; פערבלייבען ניט אויפגעדעקט.

elu'dible *a.* (אי־לו'־דיבל) וואס קען זיך ארויסדרעהען [פון פערפאלגונג, פון א קלאפ א. ד. ג.].

E'lul *n.* (אי'־לאל) דער חודש אלול [דער צוועלפטער חודש אין דער אידישער צייט־רעכנונג].

elu'sion *n.* (אי־לו'־זשאן) דאס ארויסדרעהען זיך פון א פערפאלגונג דורך א שפיצעל אדער שווינדעל.

elu'sive *a.* (אי־לו'־סיוו) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען ניט כאפען.

elu'sively *adv.* (אי־לו'־סיוו־לי) ארויסדרעהענדיג זיך מיט א שפיצעל [פון פערפאלגונג א. ד. ג.]; ניט לאזענדיג זיך כאפען.

elu'siveness *n.* (אי־לו'־סיוו־נעס) דאס קענען זיך ארויסדרעהען מיט א דרעהדעל אדער שפיצעל [פון פערפאלגונג]; דאס ניט לאזען זיך כאפען.

elu'sory *a.* (אי־לו'־סא־רי) וואס דרעהט זיך ארויס; וואס מען קען ניט כאפען; אבנארענד.

elu'tion *n.* (אי־ליו'־שאן) דאס אבשווינקען, דאס אבוואשען: יעדער פראצעס, דורך וועלכען איין קערפער טיילט זיך אב פון אנדערען דורך שווינקען אדער וואשען.

elu'triate *v.* (אי־ליו'־טרי־אייט) רייניגען, אראבוואשען.

elutria'tion *n.* (אי־ליו־טרי־איי'־שאן) דאס רייניגען עפעס דורך וואשען און ארומגיסען.

elve *n.* (עלוו) ז. ***elf***.

elve'-lock *n.* (עלוו'־לאק) ז. ***elf-lock***.

elves *n.* (עלווז) עלפען. ז. ***elf***.

el'vet *n.* (על'־וועט) א קליינער עלף [א קארליק, שד]. ז. ***elf***.

el'vish *a.* (על'־וויש) ז. ***elfish***.

el'vishly *adv.* (על'־וויש־לי) ז. ***elfishly***.

el'wand *n.* (על'־הוואנד) ז. ***ellwand***.

Elys'ian *a.* (אי־ליזש'־יען) וואס איז שייך צום עליזיאום אדער גן־עדן; פול מיט העכסטער הנאה און פערגניגען. ז. ***Elysium***.

Elys'ium *n.* (אי־ליזש'־אי־אם) דער עליזיאום אדער גן־עדן [דער ארט — לויט די פארשטעלונגען פון די אלטע גריכען — וואו די געשטארבענע העלדען און צדיקים פערברייגען אין אייביגען פערגניגען און גליק].

em *n.* (עם) אין דרוקעריי — דער קוואדראט פון די בלייענע בוכשטאבען.

ema'ciate *v. and a.* (אי-מיי'-שי-אייט) מאכען מאגער; ווערען מאגער, אבצעהרען; אויסגעמאגערט, אבגעצעהרט.
His body has become **emaciated** through sickness.

emacia'tion *n.* (אי-מיי-שי-איי'-שאן) די אויסמאגערונג, די אבצעהרונג.

em'anant *a.* (עמ'-ע-נענט) אויספליסענד. אויסשטראמענד.

em'anate *v.* (עמ'-ע-נייט) ארויסשטאמען, ארויסשטראמען, ארויספליסען.

emana'tion *n.* (עמ-ע-ניי'-שאן) ארויסשטראמונג, ארויספליסונג, ארויסשטראהלונג; השפעה; אין פילאזאפיע — עמאנאציאן, די לעהרע, אז די וועלט איז די השפעה פון גאט, ד. ה. זי איז נים בעשאפען געווארען אלס חומר, אלס געגענזאץ צו גאט און גייסט, נאר זי איז א מין אויסשטראהלונג פון געטליכקיים.

em'anative *a.* (עמ'-ע-ניי-טיוו) ארויסשטראמענד, ארויספליסענד; בעקומען דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatively *adv.* (עמ'-ע-ניי-טיוו-לי) דורך עמאנאציאן אדער השפעה.

em'anatory *a.* (עמ'-ע-ניי-טא-רי) ז. *emanative*.

eman'cipate *v.* (אי-מענ'-סי-פייט) עמאנציפירען, בעפרייען.

emancipa'tion *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאן) עמאנציפאציאן, די בעפרייאונג.

emancipa'tionist *n.* (אי-מענ-סי-פיי'-שאנ-איסט) א פערטיידיגער פון שקלאפען=בעפרייאונג.

emancipa'tion proclama'tion (אי-מענ-סי-פיי'-שאן פראק-לע מיי'-שאן) דער בעפרייאונגס=מאניפעסט [דער מאניפעסט וואס אייברעהעם לינקאלן, דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען האט ארויסגעלאזען אין יאהר 1864, לויט וועלכען אלע נעגערס זיינען בעפרייט געווארען פון שקלאפעריי].

eman'cipative *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טיוו) וואס האט א נייגונג צו בעפרייען פון אונטערדריקונג.

eman'cipator *n.* (אי-מענ'-סי-פיי-טאר) אן עמאנציפאטאר, א בעפרייער.
Abraham Lincoln is the **emancipator** of the negro slaves.

eman'cipatory *a.* (אי-מענ'-סי-פיי-טא-רי) וואס איז שייך צו עמאנציפאציא; אדער בעפרייאונג.

emar'ginate *a. and v.* (אי-מאר'-דזשי-נייט) אהן ראנדען, וואס האט ארומגעשניטענע ראנדען; אוועקנעהמען אדער ארומשניידען די ראנדען.

emar'ginated *a.* (אי-מאר'-דזשי-ניי-טעד) ז. *emarginate*.

emas'culate *v. and a.* (אי-מעס'-קיו-לייט) מאכען אויס זכר, קאסטרירען, מסרס זיין; מאכען פרויען=עהנליך; ווערען אויס זכר; ווערען פרויען=עהנליך; אבשוואכען; אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען; געמאכט אויס זכר, קאסטרירט, פרויען=עהנליך, אבגעשוואכט.

emascula'tion *n.* (אי-מעס-קיו-ליי'-שאן) דאס מאכען אויס זכר; דאס ווערען אויס זכר; דאס זיין פרויען=עהנליך; דאס אבשוואכען; זיין אדער ווערען אבגעשוואכט; דאס אבשוואכען א ליטעראריש ווערק דורך רעדאגירען.

emas'culator *n.* (אי-מעס'-קיו-ליי-טאר) איינער וואס קאסטרירט אדער איז מסרס; איינער וואס שוואכט אב אדער מאכט פרויען=עהנליך.

embale' *v.* (עמ-בייל') איינפאקען, פערפאקען.

emball' *v.* (עמ-באהל') איינפאקען, פערפאקען; ארומרינגלען.

emball'ing *n.* (עמ-באהל'-אינג) דאס אויסצייכנען איינעם דערמיט, וואס מען גיט איהם אין האנד דעם באל אדער קויגעל אלס סמן פון הערשאפט; דאס געבען איינעם קעניגליכע מאכט.

embalm' *v.* (עמ-באהם') בעגיסען מיט זאלב=אויל; באלזאמירען, פערהיטען פון פוילען דורך באלזאמירען [הויפטזעכליך א טויטען קערפער]; קאנזערווירען, בעהאלטען אין זכרון; מאכען שמעקעדיג.

embal'mer *n.* (עמ-באה'-מער) א באלזאמירער [פון טויטע קערפער]

embalm'ment *n.* (עמ-באהמ'-מענט) באלזאמירונג [פון טויטע קערפער].

embank' *v.* (עמ-בענק') בעשיצען מיט אנגעשאטענער ערד; מאכען א גרעבליע [ביים ברעג פון ים אדער א טייך].

embank'ment *n.* (עמ-בענק'-מענט) א שוץ=וואנד פון אנגעשאטענער ערד; א גרעבליע.

embar'go *n. and v.* (עמ-באר'-גאו) א פערבאט פאר האנדעלס=שיפען צו פערלאזען די האפענס; דאס פערכאפען האנדעלס=שיפען; א שטערונג, אן אבהאלט, א פערבאט; פערבאטען שיפען צו פערלאזען די האפענס; פערכאפען; אבהאלטען אדער שטערען די בעוועגונג [הויפטזעכליך פון שיפען].

embark' *v.* (עמ-בארק') ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; זיך זעצען אויף א שיף; אונטערנעהמען, פערוועגדען, שטעלען אין קאן, ריזיקירען; ריכטען; זיך לאזען אין א געוויסער ריכטונג אדער צו א געוויסען ציעל.

embarka'tion *n.* (עמ-באר-קיי'-שאן) דאס ארויפזעצען אדער אנלאדען אויף א שיף; דאס זעצען זיך אויף א שיף; דאס אבשיקען עפעס דורך א שיף; די מענשען אדער זאכען וואס ווערען געשיקט דורך א שיף; די שיף, אויף וועלכער מען שיקט מענשען אדער זאכען.

embark'ment *n.* (עמ-בארק'-מענט) ז. *embarkation*.

embar'rass *v.* (עמ-בער'-עס) פערפלאנטערען, פערווירען, מאכען שוועריגקייטען אדער שטערונגען, ברייגנען אין פערלעגענהייט, צומישען, צוטומלען.

embar'rassing *a.* (עמ-בער'-עס-אינג) מאכענדיג שוועריגקייטען, שטערענדיג, פערפלאנטערענדיג, פערווירענדיג, צוטומלענדיג, צומישענדיג, ברייגענדיג אין פערלעגענהייט.

embar'rassingly *adv.* (עמ-בער'-עס-אינג-לי) אויף אן אופן וואס ברייגגט אין פערלעגענהייט, פערווירט, פערפלאנטערט, צומישט אדער מאכט שטערונגען און שוועריגקייטען.

embar'rassment *n.* (עמ-בער'-עס-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, פערלעגענהייט, שטערונג, שוועריגקייט, שווערע לאגע, צוטומלעניש, צומישונג.

embase' *v.* (עמ-בייס') ערנידריגען, דעגראדירען; איינדריקען, אויסהוילען; שעדיגען, קלענער מאכען דעם ווערטה, פרייז, ראנג א. ד. ג.; פערפעלשען.

embase'ment *n.* (עמ-בייס'-מענט) ערנידריגונג, שעדיגונג, פעלשונג, פערקלענערונג פון ווערטה, פרייז, ראנג א. ד. ג.; א וואנע.

embas'sador *n.* (עמ-בעס'-ע-דאר) א געזאנדטער. ז. *ambassador*.

em'bassy *n.* (עמ'-בע-סי) דאס אמט, די איפגאבע אדער שליחות פון א געזאנדטען [פערטרעטער פון איין רעגיערונג ביי א צווייטער]; א וויכטיגע אויפגאבע אדער שליחות; די אפיציעלע וואהנונג פון א געזאנדטען; איינער אדער אייניגע וואס האבען א וויכטיגע שליחות אדער מיסיאן.

embat'tle *v. and n.* (עמ-בעטל') אויסשטעלען אין שלאכט=ארדנונג; בעזארגען מיט פעסטונגס=טורעמס; מאכען אין דער פארם פון פעסטונגס=טורעמס אדער פעסטונגס=וועגד; געקארבטע געלענדערס; א קארב [ווי אין א טורם פון פעסטונגס=וואנד וואס האט די פארם פון ⊔].

embat'tlement *n.* (עמ-בעטל'-מענט) פעסטונגס=טורעמס; א געקארבטער געלענדער. ז. *embattle*.

embay' *v.* (עמ-ביי') ארייננטרייבען אדער איינשליסען אין א בוכט אדער צווישען קאפען [שפיציגע טיילען פון לאנד וואס שניידען זיך אריין אין ים]; באדען, איינטונקען.

embay'ment *n.* (עמ-ביי'-מענט) א טייל פון ים וואס איז ארומגערינגעלט און בעשיצט פון קאפען. ז. *embay*.

embed' *v.* (עמ-בעד') פערגראבען; אריינלעגען [ווי אין א בעט].

embed'ment *n.* (עמ-בעד'-מענט) דאס פערגראבען, דאס ארומלעגען אדער אריינלעגען [ווי אין א בעט]; דאס מיט וואס מען לעגט ארום אדער אין וואס מען בעגראבט.

embel'lish *v.* (עמ-בעל'-איש) בעציערען, בעפוצען, בעשעהנען.

embel'lishment *n.* (עמ-בעל'-איש-מענט) בעציערונג, בעפוצונג, פערשעהנערונג.

em'ber *n.* (עמ'-בער) א ברענענדיגע קויהל; א פונק; א תקופה [פון צייט], א סעזאן, א יאהרעס=צייט [ווי פריהלינג, זומער א. ד. ג.].

em'ber-days *n.* (עמ'-בער-דייז) די קאטוילישע פאסט=טעג צו דריי טעג [מיטוואך, פרייטאג און שבת] אין אנפאנג פון יעדער יאהרעס=צייט.

em'bered *a.* (עמ'-בערד) בעשטרייט מיט פונקען אדער ברענענדען אש.

em'ber-fast *n.* (עמ'-בער-פעסט) דער קאטוילישער פאסט=טאג אין אנפאנג פון א יאהרעס=צייט.

em'ber-goose *n.* (עמ'-בער-גוהס) דער אייזטויכער [אזא גרויסער וואסער=פויגעל].

em'ber-week *n.* (עמ'-בער-הוויעק) די וואך אין אנפאנג פון א יאהרעס=צייט ווען ביי די קאטויליקען זיינען איינגעפיהרט די פאסט=טעג.

embez'zle *v.* (עמ-בעזל') אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס=אנגעשטעלטען אדער אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zlement *n.* (עמ-בעזל'-מענט) דאס אראבלאזען אנגעטרויטעס געלד צו זיך אין קעשענע [וועגען א געשעפטס=אנגעשטעלטען אדער אן אנדערער אנפערטרויטער פערזאן].

embez'zler *n.* (עמ-בעז'-לער) איינער וואס לאזט אראב צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטעס געלד.

embit'ter *v.* (עמ-ביט'-ער) מאכען ביטער; פערביטערען דאס לעבען.

embit'terer *n.* (עמ-ביט'-ער-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט ביטער אדער פערביטערט.

embit'terment *n.* (עמ-ביט׳-ער-מענט) דאס ביטער מאכען; דאס פערביטערען.

emblaze' *v.* (עמ-בלייז׳) אנצינדען אין פלאמען; מאכען עס זאל העל שיינען אדער גלאנצען; בעמאלען מיט וואפען-בילדער אדער מיט הערבען; אויסציערען; זינגען שבחים, הויבען אין הימעל אריין.

embla'zer *n.* (עמ-בליי׳-זער) איינער וואס מאכט העל-שיינענד אדער גלענצענד; איינער וואס בעציערט.

embla'zon *v.* (עמ-בליי׳-זאן) בעציירען; אילומינירען; שטארק לויבען.

embla'zoner *n.* (עמ-בליי׳-זאן-ער) א דעקאראטאר, א פערציערער; אן אילומינאטאר, א פייערווערק-מאכער; אן אויסשרייער, א בעקאנטמאכער, אן אויספויקער, א העראלד.

embla'zonment *n.* (עמ-בליי׳-זאן-מענט) דאס בעקאנט מאכען מיט פויקען און טרומייטען [ווי אין די אלטע צייטען א העראלד]; דאס דעקארירען; דאס אילומינירען.

embla'zonry *n.* (עמ-בליי׳-זאן-רי) די געמעלדען פון הערבען אויף שילדען; די קונסט פון מאלען הערבען, פון דעקארירען אדער אילוסטרירען.

em'blem *n.* (עמ׳-בלעם) אן עמבלעם, א בילד אדער א פיגור וואס בעצייכענט עפעס; א סימבאלישער צייכען פון א געוויסער אידעע אדער פארשטעלונג, ווי א קרוין אלס דאס עמבלעם פון מלוכה א. ד. ג.

emblemat'ic *a.* (עמ-בלע-מעט׳-איק) עמבלעמאטיש, סימבאליש; וואס איז שייך צו אן עמבלעם. ז. ***emblem***

emblemat'ical *a.* (עמ-בלע-מעט׳-אי-קעל) ז. ***emblematic***

emblemat'ically *adv.* (עמ-בלע-מעט׳-אי-קעל-אי) אויף אן עמבלעמאטישען שטייגער; דורך א בילד אדער פיגור, וועלכע בעצייכענט א געוויסע אידעע אדער פארשטעלונג.

em'blematist *n.* (עמ׳-בלעמ-ע-טיסט) איינער וועלכער שרייבט צייכענט עמבלעמען. ז. ***emblem***

em'blematize *v.* (עמ׳-בלעמ-ע-טאיז) אויסדריקען א געדאנק אדער אידעע דורך עמבלעמען אדער סימבאלען [דורך אנגעצייכענטע פיגורען אדער סמנים].

em'blements *n.* (עמ׳-בלע-מענטס) אין יוריספרודענץ — די פראדוקטען פון ערדארבייט, וועלכע מען פערזייהט יעדען יאהר [ווי קארן, קארטאפעל א. ד. ג.] צום אונטערשייד פון די פראדוקטען, וועלכע מען פערזייהט ניט יעדען יאהר [ווי גראז, פרוכטען א. ד. ג.]; דאס רעכט אויף דיעזען סארט פראדוקטען.

em'blemize *v.* (עמ׳-בלע-מאיז) ז. ***emblematize***

emblos'som *v.* (עמ-בלאס׳-אם) בעדעקען מיט בלומען.

embod'iment *n.* (עמ-באד׳-אי-מענט) 1. דאס פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; 2. די פערקערפערונג פון אן אידעע אדער געדאנק, דאס אויסדריקען עס אין א בעשטימטער פארם; 3. די פארמולירונג פון א זאך.
2. Abraham Lincoln is the **embodiment** of the American spirit.

embod'y *v.* (עמ-באד׳-אי) פערקערפערען, אויסדריקען אין א בעשטימטער קערפערליכער פארם; פארמולירען; פעראייניגען בעזונדערע טיילען אין איין גאנצע קערפערשאפט; זיך פעראייניגען, פעראייניגט ווערען.

embol'den *v.* (עמ-באול׳דן) צוגעבען מוטה.

embol'dener *n.* (עמ-באול׳דנ-ער) איינער אדער עפעס וואס ערמוטיגט, גיט צו קוראזש.

em'bolism *n.* (עמ׳-בא-ליזם) דאס צוגעבען טעג אדער מאנאטען צו א געוויסער צייט-רעכנונג; דאס מאכען אן עבור [ווי למשל, דאס יאהר לויט דער אידישער צייט-רעכנונג האט 354 טעג. כדי אויסצוגלייכען די צייט-רעכנונג פון די אידען מיט דער צייט-רעכנונג פון די אנדערע פעלקער, וועלכע צעהלען אין יאהר 365 טעג, גיט זיך צו אין דער אידישער צייט-רעכנונג צו יעדען 3טען אדער 4טען יאהר אן איבעריגער חודש אדער עבור].

embolis'mal *a.* (עמ-בא-ליז׳-מעל) וואס איז שייך צו אן עבור.

embolismat'ic *a.* (עמ-בא-ליז-מעט׳-איק) ז. ***embolismal***

embolismat'ical *a.* (עמ-בא-ליז-מעט׳-אי-קעל) וואס האט אן עבור.

embolis'mic *a.* (עמ-בא-ליז׳-מיק) ז. ***embolismal***

embolis'mical *a.* (עמ-בא-ליז׳-מי-קעל) ז. ***embolismatical***

em'bolite *n.* (עמ׳-בא-לאיט) דער עמבאליט [א מין געלבער אדער גרינער מינעראל, געפינט זיך אין טשילי און מעקסיקא].

em'bolus *n.* (עמ׳-בא-לאס) דאס וואס איז אריינגעשטעלט אדער בעוועגט זיך אין אן אנדער זאך; דער קאלבען פון א פומפ.

embonpoint' *n.* (אנ-באהנ-פואן׳) גראבקייט, אונגעלומפערטקייט.

embor'der *v.* (עמ-באהר׳-דער) בעזוימען; בעפוצען ווי מיט א זוים.

embos'om *v.* (עמ-בוז׳-אם) צודריקען צום הארצען; צערטלען, לאשטשען; איינשליסען, בעהאלטען.

emboss' *v.* (עמ-באס׳) אויסקלאפען אדער אויסדריקען בולט׳ע פיגורען אין פערשיעדענע מאטעריאלען, ווי אין לעדער, בלעך, פאפיער א. ד. ג.].

embossed' *a.* (עמ-באסט׳) אויסגעארבייט מיט בולט׳ע פיגורען; אנגעבלאזען; מיט א הויקער; רעליעף.

embossed' map (עמ-באסט׳ מעפ) א לאנדקארטע וואס איז אויסגעארבייט געווארען מיט בולט׳ע צייכנונגען.

emboss'er *n.* (עמ-באס׳-ער) איינער אדער עטוואס וואס דריקט אויס בולט׳ע פיגורען.

emboss'ing *n.* (עמ-באס׳ אינג) דאס אויסקריצען בולט׳ע פיגורען.

emboss'ment *n.* (עמ-באס׳-מענט) בולט׳קייט, בולט׳ע פיגורען.

embouchure' *n.* (אנ-בו-שיער׳) די עפענונג אדער דער ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים אדער אין אן אזיערע; א מונד-שטיק פון א מוזיקאלישען בלאז-אינסטרומענט; די שטעלונג פון דעם מויל ביים שפיעלען מיט א בלאז-אינסטרומענט.

embow' *v.* (עמ-באו׳) אויסבויגען ווי א דוהגע.

embowed' *a.* (עמ-באוד׳) אויסגעבויגען ווי א דוהגע.

embow'el *v.* (עמ-באו׳-על) איינשליסען אדער בעהאלטען אין עטוואס; בעגראבען; ארויסנעהמען די געדערים אדער דעם איינגעווייד.

embow'eler *n.* (עמ-באו׳-על-ער) איינער וואס נעהמט ארויס דעם איינגעווייד אדער די געדערים.

embow'eller *n.* (עמ-באו׳-על-ער) ז. ***emboweler***

embow'elment *n.* (עמ-באו׳-על-מענט) דאס ארויסנעהמען דעם איינגעווייד אדער די געדערים.

embow'elments *n.* (עמ-באו׳-על-מענטס) דער איינגעווייד; די געדערים.

embow'er *v.* (עמ-באו׳-ער) וואהנען אין א שאטען-ביידעל אדער צווייגען-ביידעל; בעשיצען מיט א שאטען-ביידעל.

embox' *v.* (עמ-באקס׳) איינפאקען אין א שאכטעל; אוועקזעצען אין לאזשע אין א טעאטער.

embrace' *v. and n.* (עמ-בריים׳) אומארמען, ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען; ארומכאפען; אנכאפען; איינשליסען; אננעהמען; נעהמען מיט חשק; פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.; אן אומארמונג; דאס ארומנעהמען און צודריקען צום הארצען.

embrace' an of'fer (עמ-בריים׳ ען אפ׳-ער) אננעהמען א פארשלאג; זיך אנכאפען אן א פארשלאג.

embrace' an opportu'nity (עמ-בריים׳ ען א-פאר-טיו׳-ני-טי) בענוצען א געלעגענהייט.

embraced' *a.* (עמ-בריימט׳) צונויפגעשלאסען אדער צונויפגעבונדען צוזאמען.

embrace'ment *n.* (עמ-בריים׳-מענט) אן אומארמונג; א בערייטוויליגע אננאהמע.

embra'cer *n.* (עמ-בריי׳-סער) איינער וואס אומארמט אדער נעהמט ארום; איינער וואס פראבירט בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embra'cery *n.* (עמ-בריי׳-סער-אי) דאס פראבירען בעאיינפלוסען געריכטס-געשווארענע אדער א ריכטער דורך כאבאר, איינשרעקונג א. ד. ג.

embrace' the occa'sion (עמ-בריים׳ טהי א-קיי׳-זשאן) זיך נעהמען די געלעגענהייט.

embranche'ment *n.* (עמ-ברענטש׳-מענט) ז. ***embranchment***

embranch'ment *n.* (עמ-ברענטש׳-מענט) א פערצווייגונג [פון בוימער, פון מינים, פון א געשעפט א. ד. ג.].

embran'gle *v.* (עמ-ברענ׳גל) שטארק פערפלאנטערען.

embran'glement *n.* (עמ-ברענ׳גל-מענט) א פלאנטער, א פערווירונג, א פערדרעהעניש.

em'brasure *n.* (עמ׳-בריי-זשור) אן עמבראזור, א לאך אין א פעסטונגס-וואנד צום שיסען פון דארט מיט א קאנאן.

embra'sure *n.* (עמ-בריי׳-זשור) דער פערגרעסערטער חלל וואס ווערט געמאכט אין א וואנד פאר א פענסטער אדער טהיר דורך דעם, וואס די אינוועניגסטע זייטען פון חלל ווערען געמאכט אבגעשרעגט.

em'brocate *v.* (עמ׳-ברא-קייט) איינרייבען מיט א פליסיגקייט אדער זאלב [ווי מען טהוט עס מיט א געשווילעכטס].

embroca'tion *n.* (עמ-ברא-קיי׳-שאן) די איינרייבונג פון א געשווילעכטס מיט א זאלב אדער פליסיגקייט.

embro'glio *n.* (עמ-בראו׳-ליאו) א פערפלאנטערונג, א פערווירונג, א פערוויקלונג.

embroi'der *v.* (עמ-בראי׳-דער) 1. שטיקען, העפטען, אויסנעהען; 2. אויספוצען

מיט שעהנע ווערטער; צופוצען, שעהנער מאכען ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.
2. The story has been considerably embroidered.

embroi'derer *n.* (עמ-בראָי'-דער-ער) א שטיקער, א שטיקערין, א העפטער, א העפטערין, אן אויסנעהער, אן אויסנעהערין; איינער וואס פוצט אויס אדער פערציערט מיט שעהנע ווערטער.

embroi'dery *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי) שטיקעריי ארבייט; פערציערונג, בעפוצונג.

embroi'dery-frame *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי-פריים) א ראהם וואס ווערט געברויכט ביים אויסנעהען אדער שטיקען.

embroi'dery-nee'dle *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי-ניעדל) א שטיקעריי־נאָדעל, א העפט־נאָדעל.

embroi'dery-paste *n.* (עמ-בראָי'-דער-אי-פּייסט) אזא קליי וואס ווערט בענוצט ביי שטיקעריי ארבייט.

embroil' *v.* (עמ-בראָיל') אריינפּלאָנטערען, אריינשלעפּען אין א צרה; פּערפּלאָנטערען; ברייננען אין אן אונארדנונג.

embroil'ment *n.* (עמ בראָיל' מענט) פערפּלאָנטערונג, פערווירונג; אונארדנונג; דאס זיין פערפּלאָנטערט.

embrown' *v.* (עמ-בראַון') מאכען ברוין אדער טונקעל; ווערען ברוין אדער טונקעל.

embrute' *v.* (עמ-ברוט') מאכען ברוטאל; ווערען ברוטאל.

em'bryo *n. and a.* (עמ'-ברי-או) דער עמבריא, די זאמען אין מוטער־לייב פון וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דאס קינד, די פרוכט אין מוטער־לייב אין סאמע אנפאנג פון דער ענטוויקלונג; דער פלאנצען־קיים, די פלאנצע וואס איז ענטהאלטען אין דעם זאמען בעפאר זי איז ארויסגעוואקסען; דער גאנץ ערשטער אנפאנג פון עטוואס, איידער עס האט זיך נאך אנגעפאנגען ענטוויקלען; דאס וואס האלט אין ווערען; וואס האלט אין ארויסוואקסען, וואס האלט אין ווערען.

embryoc'tony *n.* (עמ-ברי-אק'-טא-ני) דאס צושטערען דאס קינד אין מוטערס בויך, ווען די געבורט איז אונמעגליך.

embryogen'ic *a.* (עמ-ברי-א-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; וואס איז שייך צו דער ענטשטעהונג פון אן ארגאניזם.

embryog'eny *n.* (עמ-ברי-אדזש'-ע-ני) די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא; די ענטשטעהונג און די ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. ***embryo***

embryog'ony *n.* (עמ-ברי-אג'-א-ני) ז. ***embryogeny***

em'bryograph *n.* (עמ'-ברי-א-גרעף) אזא אינסטרומענט וואס בעשטעהט פון א פאטאגראפישען אפאראט און א מיקראסקאפ פאר דעם צוועק אראבצונעהמען בילדער פון אן עמבריא.

embryog'raphy *n.* (עמ-ברי-אג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דעם עמבריא און זיין ענטוויקלונג. ז. ***embryo***

embryolog'ic *a.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. ***embryo***].

embryolog'ical *a.* (עמ ברי א לאדזש'-אי-קעל) ז. ***embryologic***

embryolog'ically *adv.* (עמ-ברי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו די פרינציפּען פון עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. ***embryo***].

embryol'ogist *n.* (עמ-ברי-אל'-א-דזשיסט) א קענער אין עמבריאלאגיע [די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. ***embryo***].

embryol'ogy *n.* (עמ-ברי-אל'-א-דזשי) עמבריאלאגיע, די וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם עמבריא. ז. ***embryo***

em'bryon *n.* (עמ'-ברי-אן) ז. ***embryo***

em'bryonal *a.* (עמ'-ברי-אנ-על) וואס איז שייך צו אן עמבריא אדער צו דעם עמבריאנישען צושטאנד פון אן ארגאניזם.

em'bryonate *a.* (עמ' ברי-אנ-אייט) וואס איז אין דעם צושטאנד פון אן עמבריא; וואס איז שייך צו אן עמבריא.

em'bryonated *a.* (עמ'-ברי-אנ-איי-טעד) ז. ***embryonate***

embryon'ic *a.* (עמ-ברי-אנ'-איק) וואס איז שייך צו אן עמבריא; וואס איז אין דעם עמבריאנישען צושטאנד.

embryon'ically *adv.* (עמ-ברי-אנ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו אן עמבריא; אין אן עמבריאנישען צושטאנד.

embryoplas'tic *a.* (עמ-ברי-א-פּלעס'-טיק) וואס איז שייך צו דער בילדונג פון אן עמבריא.

em'bryoscope *n.* (עמ'-ברי-א-סקאופּ) אזא שפּאקטיוו צו בעאבאכטען די ענטוויקלונג פון אן עמבריא.

embryot'ic *a.* (עמ-ברי-אט'-איק) ז. ***embryonic***

embryoto'cia *n.* (עמ-ברי-א-טאו'-סי-א) א מפּיל; דאס מפּיל זיין.

embryot'omy *n.* (עמ-ברי-אט'-א-מי) די אנאטאמירונג, צושניידונג אדער צוגלידערונג פון דעם עמבריא; דאס צושניידען דאס קינד אין מוטער־לייב.

emeer' *n.* (ע-מיער') ז. ***emir*** אן עמיר.

emend' *v.* (אי-מענד') צורעכטמאכען, פערבעסערען, אויסבעסערען.

emen'dable *a.* (אי-מענ'-דעבל) וואס מען קען פערבעסערען אדער צורעכטמאכען.

emen'date *v.* (אי-מענ'-דייט) ז. ***emend***

emenda'tion *n.* (עמ-ען-דיי'-שאן) די אויסבעסערונג פון פעהלער, די פערריכטונג פון גרייזען אין א שריפט אדער בוך.
The manuscript was printed with many emendations.

em'endator *n.* (עמ'-ען-דיי-טאר) א פערבעסערער, אן אויסבעסערער; איינער וואס פערריכט גרייזען אין א שריפט אדער בוך.

emen'datory *a.* (אי-מענ'-דיי-טא-רי) וואס איז שייך צו אויסבעסערונגס ארבייט.

emen'der *n.* (אי-מענ' דער) ז. ***emendator***

em'erald *n. and a.* (עמ'-ע-רעלד) דער סמאראגד [אזא טייערער גרינער עדעלשטיין]; גרין ווי א סמאראגד. ז. איל. ***"Gems"***

em'eralder *n.* (עמ'-ע-רעל-דער) אן אירלענדער [הומאריסטיש].

em'erald green (עמ'-ע-רעלד גריען) סמאראגד־גרין. ז. איל. ***"Colors"***

em'eraldine *n.* (עמ'-ע-רעל-דין) דאס סמאראגד־גרין [א דונקעל־גרינע אנאלינפארב].

Em'erald Isle (עמ'-ע-רעלד איל) דער סמאראגדענע אינזעל, דער גרינער אינזעל [אירלאנד].

emerge' *v.* (אי-מוירדזש') ארויסקומען, זיך בעווייזען; ענטשטעהן, אנפאנגען עקזיסטירען.

emer'gence *n.* (אי-מויר'-דזשענס) דאס ארויסקומען; דאס ערשיינען; דאס בעווייזען זיך; דאס ענטשטעהן.

emer'gency *n.* (אי-מויר'-דזשענ-סי) א נויט־פאל; אן אונערווארטעטער צופאל אדער נויט־פאל.

emer'gent *a.* (אי-מויר'-דזשענט) וואס ערשיינט, וואס בעווייזט זיך; ענטשטעהענד; אונפאראויסגעזעהן, אונערווארטעט; וויכטיג, דרינגענד.

emer'gently *adv.* (אי-מויר'-דזשענט-לי) דורך אן אונערווארטעטען צופאל; לויט דער פאדערונג פון די אומשטענדען.

em'eril *n.* (עמ'-ע-ריל) א דימענט פון א גלעזער [צו שניידען גלאז].

emer'itus *a. and n.* (אי-מער'-אי-טאס) וואס האט זיך צוריקגעצויגען מיט עהרע פון דיענסט אדער אמט [צוליעב קראנקהייט אדער עלטער א. ד. ג.] און איז געבליבען ביים פילען טיטעל אדער ראנג; אין דער רוימישער געשיכטע — אן אויסגעדיענטער סאלדאט.
He is president emeritus of the university.

emer'sion *n.* (אי-מויר'-שאן) דאס ארויסקומען, דאס ערשיינען, דאס בעווייזען זיך.

Emerso'nian *a. and n.* (עמ-אויר-סאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דעם אמעריקאנער פילאזאף און פאעט ראלף וואלדא עמערסאן אדער צו זיינע שריפטען; אן אנהענגער פון עמערסאן [געבארען אין 1803, געשטארבען אין 1882].

em'ery *n.* (עמ'-ע-רי) [א שמירגעל] מין הארטער מינעראל וועלכען מען בענוצט צום שלייפען און פאלירען גלאז, שטיין, מעטאל א. ד. ג.].

em'ery-pa'per *n.* (עמ'-ע-רי-פּיי'-פּער) שמירגעל־פּאפּיער, זאמד־פּאפּיער וואס ווערט בענוצט צו שלייפען אדער פאלירען.

em'ery-wheel *n.* (עמ'-ע-רי-הוויעל) א ראד וואס איז בעדעקט מיט שמירגעל־פּאפּיער [זאמד־פּאפּיער], וועלכער ווערט בענוצט צום שלייפען און פאלירען.

emet'ic *a. and n.* (אי-מעט'-איק) וואס רופט ארויס ברעכען; א ברעך־מיטעל.

emet'ical *a.* (אי-מעט'-אי-קעל) וואס רופט ארויס ברעכען.

emet'ically *adv.* (אי-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א שטייגער, וואס רופט ארויס ברעכען.

emetocathar'tic *a. and n.* (עמ-ע-טאו-קע-טהאר'-טיק) וואס רופט ארויס ברעכען און אבפיהרונג צוגלייך; א מעדיצין וואס רופט ארויס ברעכען און אבפיהרונג צוגלייך.

emetol'ogy *n.* (עמ ע טאל' א דזשי) די מעדיצינישע פארשונג וועגען ברעכען און ברעך־מיטעל.

e'meu *n.* (אי'-מיו) א גרויסער שטרויס־עהנליכער פויגעל אין אויסטראליען, וועלכער האט נור דריי פוס־פינגער. ז. ***emu***

émeute' *n.* (איי-מויט') א בונט; א טומעל.

e'mew *n.* (אי'-מיו) ז. ***emu***

emica'tion *n.* (ע-מי-קיי'-שאן) דאס

שפריצען פונקען [ווי ביים שמיעדען אייזען].

emic'tion *n.* (אי-מיק'-שאַן) אורין, השתנה; דאָס משתין זיין, דאָס לאָזען אורין.

emic'tory *a. and n.* (אי-מיק'-טאָ-רי) וואָס טרייבט אָב אורין [השתנה]; אַ מעדיצין צום אָבטרייבען אורין.

em'igrant *n. and a.* (עמ'-אי-גרענט) אַן עמיגראַנט, אַן אויסוואַנדערער; וואָס איז שייך צו עמיגראַציאָן אָדער עמיגראַנטען; עמיגרירענד, אויסוואַנדערענד.

em'igrant aid soci'ety (עמ'-אי-גרענט אייד סאָ-סאַי'-ע-טי) אַ געזעלשאַפט צו שטיצען עמיגראַנטען [אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — אַ געזעלשאַפט וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע, הויפטזעכליך אין יאָהר 1854, צו העלפען קאָלאָניזירען קאַנזאַס מיט עמיגראַנטען פון די נאָרד שטאַאַטען, אום צו שטערען די איינוואַנדערער פון דער שקלאַפען-טרייבערישער זייד איינצופיהרען שקלאַפעריי אין יענער טעריטאָריע].

em'igrate *v.* (עמ'-אי-גרייט) עמיגרירען, אויסוואַנדערען.

emigra'tion *n.* (עמ-אי-גריי'-שאַן) עמיגראַציאָן, אויסוואַנדערונג.

emigra'tional *a.* (עמ-אי-גריי'-שאַנ-על) וואָס איז שייך צו עמיגראַציאָן [אויסוואַנדערונג].

emigra'tionist *n.* (עמ-אי-גריי'-שאַנ-איסט) איינער וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער עמיגראַציאָנס-פראַגע.

em'inence *n.* (עמ'-אי-נענס) אַ דערהויבונג, אַן ארויסשטאַרצונג; אַן אַנגעזעהענער פלאַץ אָדער לאַגע, אַ הויכער פלאַץ; הויכע שטעלונג, ווירדע, ראַנג א. ד. ג.; וויכטיגקייט, אַנגעזעהענקייט; ערהאָבענהייט; · הויכע שטופע; עמינענץ [דער טיטול פון אַ קאַרדינאַל].

em'inency *n.* (עמ'-אי-נענ-סי) ז. *eminence*.

em'inent *a.* (עמ'-אי-נענט) עמינענט, הויך; אַרויסשטאַרצענד; ערהאָבען; וויכטיג, פראָמינענט, בעריהמט, אַנגעזעהן, אויסגעצייכענט; וואָס האָט די העכסטע מאַכט.

Eminent authors were present at the banquet.

em'inently *adv.* (עמ'-אי-נענט-לי) אויף אַ הויכער שטופע; אויף אַן אַנגעזעהענעם שטייגער; מיט אויסצייכנונג, מיט פאַרנעהמקייט; אין העכסטען גראַד; פאָלקאָמען; אַבסאָלוט.

emir' *n.* (ע-מיר') אַן עמיר [ביי די אַראַבער און אַנדערע מחמד'אַנישע פעלקער — דער עלטסטער פון אַ פאַמיליע אָדער שבט, אַ הערשער; אין טערקיי — אַ הויכער בעאַמטער].

em'issary *n. and a.* (עמ'-אי-סע-רי) אַן עמיסאַר, אַ שליח, אַן אַגענט [הויפטזעכליך אַ געהיים-אַגענט, אַ שפּיאָן]; אַן אויספלוס פאַר וואַסער, אַן אַבפיהרונגס-קאַנאַל; אַן אַבפיהרונגס-קאַנאַל אין קערפּער: אַרויסלאָזענדיג; וואָס מאַכט אַן אויספלוס אָדער אויסגאַנג; וואָס איז שייך צו אַן עמיסאַר; פאַרשענד; שפּיאָנירענד.

em'issaryship *n.* (עמ'-אי-סע-רי-שיפ) דאָס אַמט פון אַן עמיסאַר. ז. *emissary*.

emis'sion *n.* (אי-מיש'-אַן) דאָס אַרויסלאָזען, דאָס אַרויסוואַרפען; אויסשטרעמונג, אויספלוס: אַ געוויסע צאָהל געלד, באַנקנאָטען א. ד. ג., וואָס ווערט איינצייטיג אַרויסגעלאָזט אין אומגאַנג; אין פיזיאָלאָגיע — אַן אויספלוס, הויפטזעכליך אַן אונפרייוויליגער אויספלוס פון זרע.

emis'sive *a.* (אי-מיס'-איוו) אַרויסלאָזענדיג, אויספליסענדיג, אויסשטרעמענדיג, אויסשטראַהלענדיג [ווי ליכט]; וואָס איז שייך צו ניוטאָן'ס לעהרע וועגען ליכט [די בעהויפּטונג, אַז דאָס ליכט קומט דערפון, וואָס קליינע טיילעכלעך פון דעם לייכטענדען שטאָף אָדער קערפּער טיילען זיך אָב פון איהם].

emis'sive pow'er (אי-מיס'-איוו פאַו'-ער) די פעהיגקייט אויסצושטרעמען אָדער אַרויסצולאָזען פון זיך ליכט אָדער היץ. ז. *radiating power*.

em'issory *a.* (עמ'-אי-סאָ-רי) אַרויסלאָזענדיג, אויסשטרעמענדיג. אויספליסענדיג.

emit' *v.* (אי-מיט') אַרויסלאָזען, אַרויסוואַרפען; אויספליסען, אויסשטרעמען, ברייגנען אין אומגאַנג [געלד, באַנקנאָטען א ד. ג.]; אַרויסגעבען אַ בעפעהל אָדער בעשטימונג.

Emman'uel *n.* (ע-מענ'-יו-על) ז. *Immanuel*.

emmenagog'ic *a.* (ע-מענ-ע-גאַדזש'-איק) וואָס איז שייך צו אַ מעדיצינישען מיטעל אַרויסצורופען מענסטרואַציע [רעגעל, פעריאָדע, מאָנאַטליכע — ביי פרויען]; וואָס רופט אַרויס מענסטרואַציע.

emmen'agogue *n.* (ע-מענ'-ע-גאַג) אַ מעדיצינישער מיטעל אַרויסצורופען מענסטרואַציע [רעגעל, פעריאָדע, מאָנאַטליכע — ביי פרויען].

emmenolog'ical *a.* (ע-מענ-אָ-לאַדזש'-אי-קעל) וואָס איז שייך צו דעם טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואַציע [רעגעל, פעריאָדע, מאָנאַטליכע — ביי פרויען].

emmenol'ogy *n.* (עמ-ע-נאַל'-אָ-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט מענסטרואַציע [רעגעל, פעריאָדע, מאָנאַטליכע — ביי פרויען].

em'met *n.* (עמ'-עט) אַ מוראַשקע.

emmew' *v.* (ע-מיו') איינשפּאַרען; בעהאַלטען.

emolles'cence *n.* (עמ-אָ-לעס'-ענס) דאָס ווייך ווערען, דאָס צוקראַכען ווערען [ווען עטוואָס האַלט ביים צושמעלצען ווערען].

emol'liate *v.* (אי-מאָל'-יעיט) מאַכען ווייך, שוואַך אָדער פרויען-עהנליך.

emol'lient *n. and a.* (אי-מאַל'-יענט) וואָס מאַכט ווייך; עטוואָס מיט וואָס מען מאַכט ווייך.

emol'ument *n.* (אי-מאַל'-יו-מענט) נוצען; נוצען אָדער איינקונפט [פון אַן אַמט]; בעלוינונג; פּראָפיט; פּאַרטייל; נעבען-איינקונפט; געווינס.

emolumen'tal *a.* (אי-מאַל-יו-מענ'-טעל) ניצליך, איינטרעגליך.

emo'tion *n.* (אי-מאָו'-שאַן) אויפרעגונג פון געמיטה; אויפרעגונג פון געפיהלען; ריהרונג.

emo'tional *a.* (אי-מאָו'-שאַנ-על) וואָס ריהרט, וואָס וועקט די געפיהלען; וואָס ווירקט אויף די געפיהלען; וואָס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיטה; וואָס דריקט אויס ריהרונג אָדער געמיטהס-אויפרעגונג.

emo'tionalism *n.* (אי-מאָו'-שאַנ-על-איזם) דאָס זיין גענייגט צו געמיטהס-אויפרעגונג אָדער גערירט צו ווערען; דאָס ווירקען אויף די מאָמענטאַנע געפיהלען.

emo'tionalist *n.* (אי-מאָו'-שאַנ-על-איסט) איינער אין וועמען מען קען לייכט אַרויסרופען אַן אויפרעגונג פון געמיטה אָדער פון געפיהלען; איינער וואָס ווערט געפיהרט פון זיינע לייכט אויפרעגבאַרע געפיהלען; איינער וואָס שטרעבט נור צו ווירקען דורך דער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emotional'ity *n.* (אי-מאָו-שאַנ-על'-אי-טי) דאָס זיין גענייגט צו געמיטהס-אויפרעגונג אָדער גערירט צו ווערען; דאָס אויסדריקען געמיטהס-אויפרעגונג אָדער אויפרעגונג פון געפיהלען.

emo'tive *a.* (אי-מאָו'-טיוו) ריהרענד, וואָס רעגט אויף דעם געמיטה, וואָס צייגט אַרויס געמיטהס-אויפרעגונג.

emo'tively *adv.* (אי-מאָו'-טיוו-לי) אויף אַ ריהרענדען אופן; דורך געמיטהס-אויפרעגונג.

empale' *v.* (עמ-פּייל') אַרומצאַמען אָדער פערצאַמען מיט פּלעקער, בעפעסטיגען מיט פּלעקער; שטעלען זייט ביי זייט; הינריכטען דורך אַוועקזעצען אויף אַ שפּיציגען פּלאָקען; טויטען דורך דורכשטעכען מיט אַ שפּיציגער זאַך.

empaled' *a.* (עמ-פּיילד') פערצאַמט אָדער בעפעסטיגט מיט פּלעקער; געשטעלט זייט ביי זייט; הינגעריכטעט דורך אַרויפזעצען אויף אַ שפּיציגען פּלאָקען.

empale'ment *n.* (עמ-פּייל'-מענט) דאָס אַרומצאַמען מיט פּלעקער; דער פּלאַץ וועלכער איז אַרומגעצאַמט מיט פּלעקער; דאָס הינריכטען דורך אַוועקזעצען אויף אַ שפּיציגען פּלאָקען.

empan'el *v.* (עמ-פּענ'-על) פערשרייבען אין ליסט פון געריכטס-געשוואָרענע; פאַררופען נאָך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס-געשוואָרענע].

empan'elment *n.* (עמ-פּענ'-על-מענט) דאָס פערשרייבען אין דער ליסט פון געריכטס-געשוואָרענע; דאָס פאַררופען נאָך דער ליסט און איינשווערען [וועגען געריכטס-געשוואָרענע].

emparch'ment *v.* (עמ-פּאַרטש'-מענט) שרייבען אויף פּאַרמעט.

empasm' *n.* (עמ-פּעזם') אַ פּולווער צו בעזייטיגען אַ שלעכטען גערוך.

em'peror *n.* (עמ'-פּויר-אַר) אַ קייזער; אַ נאָמען פון געוויסע שמעטערלינגע, פויגלען און אויך שלאַנגען.

em'peror-moth *n.* (עמ'-פּויר-אַר-מאָטה) אַ מין שמעטערלינג אָדער זומערפויגעלע, וואָס פליהט אום נור ביי נאַכט.

em'perorship *n.* (עמ'-פּויר-אַר-שיפּ) דאָס קייזערטום, די מאַכט פון אַ קייזער.

em'pery *n.* (עמ'-פּויר-אי) די אימפּעריע, די מלוכה; די ממשלה; די הערשאַפט פון אַ קייזער.

em'phasis *n.* (עמ'-פע-סיס) די שטאַרקע בעטאָנונג אָדער אונטערשטרייכונג פון ווערטער; דער מעכטיגער אויסדרוק.

em'phasize *v.* (עמ'-פע-סאַיז) 1. אַרויסזאָגען אָדער אויסדריקען מיט קראַפט; 2. שטאַרק בעטאָנען אָדער אונטערשטרייכען די ווערטער.

1. The speaker emphasizes his remarks with gestures. 2. To emphasize a thought we underline the important words.

emphat'ic *a.* (עמ-פעט'-איק) נאַכדריקליך, אויסגעדריקט מיט קראַפט; איינדרוקספול, קרעפטיג.

emphat'ical *a.* (עמ-פעט'-אי-קעל) ז. *emphatic*.

emphat'ically *adv.* (עמ-פעט'-אי-קעל-אי) מיט נאכדרוק, מיט אן איינדרוקספאלער שטימע; אויף א קרעפטיגען אויסדרוקס אופן.

emphyse'ma *n.* (עמ-פי-סי'-מא) א ווינדגעשווילעכץ.

emphysem'atose *a.* (עמ-פי-סעמ'-ע-טאוס) ז. *emphysematous*

emphysem'atous *a.* (עמ-פי-סעמ'-ע-טאס) ווי א ווינדגעשווילעכץ; וואס איז שייך צו א ווינדגעשווילעכץ.

em'pire *n.* (עמ'-פאיר) אן אימפעריע, א קייזער-רייך, א קייזערטום; די אלערהעכסטע מאכט.

Em'pire Cit'y (עמ'-פאיר סיט'-אי) די שטאדט ניו יארק.

em'pireship *n.* (עמ'-פאיר-שיפ) דאס קייזערטום; די קייזערליכע מאכט.

Em'pire State (עמ'-פאיר סטייט) דער שטאאט ניו יארק.

Empir'ic *n.* (עמ-פיר'-איק) איינער פון דער עמפירישער מעדיצינישער סעקטע אין אלטען גריכענלאנד, וועלכע האט בעהויפטעט, אז דער פונדאמענט פון דער וויסענשאפטליכער מעדיצין איז די ערפאהרונג און ניט די טעאריע.

empir'ic *a. and n.* (עמ-פיר'-איק) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג: ערפאהרונגסמעסיג; וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; איינער וואס פראקטיצירט מעדיצין פון ערפאהרונג, ניט האבענדיג געלערענט; א שארלאטאנישער מעדיקער; איינער וואס האט ניט געלערענט און מיינט אז ער קען אלעס פון ערפאהרונג.

empir'ical *a.* (עמ-פיר'-אי-קעל) עמפיריש, בעגרינדעט אויף ערפאהרונג; ערפאהרונגסמעסיג; וואס איז שייך צו מעדיצינישער ערפאהרונג; מארק-שרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'ically *adv.* (עמ-פיר'-אי-קעל-אי) אויף אן עמפירישען אופן; ערפאהרונגסמעסיג; ניט וויסענשאפטליך; מארק-שרייעריש, שארלאטאניש [אין בעצוג צו מעדיצין].

empir'icism *n.* (עמ-פיר'-אי-סיזם) עמפיריציזם, דאס גלייבען אין ערפאהרונג מעהר אלס אין טעאריע: דער פרינציפ, אז נור דאס וואס איז בעוואוסט פון ערפאהרונג איז ריכטיג; די עמפירישע מעטאדע [די מעטאדע וואס בויט אויף ערפאהרונג און ניט אויף טעאריע]; דאס פראקטיצירען מעדיצין ניט האבענדיג געלערענט; די פרעטענזיעס פון אן עם-הארץ אויף מעדיצינישע קענטשאפט; אין פילאזאפיע — די בעהויפטונג, אז אלע אידעען שטאמען אב נור פון ערפאהרונגען.

empir'icist *n.* (עמ-פיר'-אי-סיסט) אן עמפיריקער, איינער וואס גלויבט, אז אלע אידעען שטאמען ארויס נור פון ערפאהרונג; א דאקטאר פון ערפאהרונג אבער ניט פון שטודיום.

empir'ic rem'edy (עמ-פיר'-איק רעמ'-ע-די) א הויזמיטעל; א באבסקע רפואה.

emplas'tic *a. and n.* (עמ-פלעס'-טיק) קלעפעדיג; א קלעפעדיגער שטאף; א מעדיצין געגען א לויזען מאגען.

employ' *v. and n.* (עמ-פלאי') בעשעפטיגען; געברויכען; פערווענדען; דער געברויך; די אנווענדונג; די בעשעפטיגונג; די אנשטעלונג.

employ'able *a.* (עמ-פלאי'-עבל) ברויכבאר, אנווענדבאר.

employé' *n.* (אנ-פלוא-יעי') ז. *employee*

employee' *n.* (עמ-פלאי-אי') אן אנגעשטעלטער; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביי א צווייטען.

employ'er *n.* (עמ-פלאי'-ער) אן ארבייט-געבער; איינער וואס גיט בעשעפטיגונג.

employ' funds (עמ-פלאי' פאנדז) אנווענדען אדער פערברויכען געלד אין עטוואס.

employ'ment *n.* (עמ-פלאי'-מענט) בעשעפטיגונג.

emplume' *v.* (עמ-פלוהם') בעפוצען מיט פעדערען.

empo'rium *n.* (עמ-פאו'-רי-אם) א מארק-פלאץ; א האנדעלס פלאץ; א באזאר; א האנדעלס-שטאדט.

empow'er *v.* (עמ-פאו'-ער) בעפאלמעכטיגען, געבען א כח.

empresa'rio *n.* (עמ-פרע-סא'-רי-או) א געשעפטס-אונטערנעהמער; אן אונטערנעהמער וואס האט א קאנצעסיאן פון א רעגיערונג אדער פון א שטאדט פערוואלטונג.

em'press *n.* (עמ'-פרעס) א קייזערין.

empresse'ment *n.* (אנ-פרעס'-מאן) הערצליכקייט; לעבהאפטער פערלאנג: שטארקער חשק.

emprise' *n.* (עמ-פראיז') אן אונטערנעהמונג.

emp'tier *n.* (עמפ'-טי-ער) אן אויסלעדיגער, עטוואס וואס לעדיגט אויס.

emp'tiness *n.* (עמפ'-טי-נעס) פוסטקייט, לעדיגקייט; זינלאזיגקייט; אונוויסענהייט.

emp'tins *n.* (עמפ'-טינז) ז. *emptyings*

emp'tion *n.* (עמפ'-שאן) דער קויף, דער איינקויף.

emp'ty *a., n. and v.* (עמפ'-טי) פוסט, לעער, לעדיג; אונוויסענד; זינלאז; ווירקונגסלאז; ניכטסווירדיג; ניכטער: הונגעריג, פאסטענד; אונפרוכטבאר; מאגער; א לעדיגע כלי; אויסלעדיגען, מאכען פוסט; אויסגיסען; ווערען לעדיג אדער פוסט; זיך אויסגיסען.

emp'ty-han'ded *a.* (עמפ'-טי-הענ'-דעד) מיט לעדיגע הענד.

emp'ty-head'ed *a.* (עמפ'-טי-העד'-עד) מיט א פוסטען קאפ.

emp'ty-hear'ted *a.* (עמפ'-טי-האר'-טעד) הארצלאז.

emp'tying *n.* (עמפ'-טי-אינג) דאס מאכען לעדיג אדער פוסט; דאס וואס ווערט אויסגעלעדיגט.

emp'tyings *n.* (עמפ'-טי-אינגז) הייוועז וואס שטעהט זיך אב פון ביער.

emp'ty purse (עמפ'-טי פוירס) א לעדיגער בייטעל.

empur'ple *v.* (עמ-פויר'פל) פארבען פורפור-רויט.

empye'ma *n.* (עמ-פי-אי'-מא) די אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט-פעל.

empyem'ic *a.* (עמ-פי-עמ'-איק) וואס ליידעט פון אן אנזאמלונג פון אייטער [פלאגמא] אין ברוסט-פעל.

empyre'al *a.* (עמ-פי-רי'-על) פון ריינעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש קלאר אדער ריין.

empyre'an *a. and n.* (עמ-פי-רי'-ען) פון ריינעם ליכט; קלאר, ריין; הימליש קלאר אדער ריין; די הויכע הימלישע געגענדען פון ריינעם פייער און ליכטיגקייט; דער העכסטער הימעל פון ריינעם פייער און ליכט [לויט דעם גלויבען אין די אלטע צייטען איז דאס דער 9טער הימעל].

empyreu'ma *n.* (עמ-פי-רו'-מא) דער אונאנגענעהמער ריח וואס ווערט ארויסגעגעבען פון ארגאנישע קערפער [ווי פלאנצען און חיות] ווען מען פערברענט זיי אין א פערמאכטער כלי.

empyreumat'ic *a.* (עמ-פי-רו-מעט'-איק) וואס שמעקט מיט צוגעברענטען, וואס האט דעם ריח פון צוגעברענטען פלייש אדער צוגעברענטע גרינסען.

empyreumat'ical *a.* (עמ-פי-רו-מעט'-אי-קעל) ז. *empyreumatic*

e'mu *n.* (אי'-מיו) א גרויסער שטרויס-עהנליכער פויגעל אין אויסטראליען מיט דריי פוס-פינגער; אזא זארט אויסטראלישעס האלין.

Emu

em'ulate *v.* (עמ'-יו-לייט) שטרעבען מיט אימעצען זיך צו פערגלייכען אדער איהם אריבערצושטייגען.

The pupils should **emulate** the brightest boys in the class.

emula'tion *n.* (עמ-יו-ליי'-שאן) דאס בעשטרעבען זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulative *a.* (עמ'-יו-ליי-טיוו) קאנקורירענד, וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatively *adv.* (עמ'-יו-ליי-טיוו-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, שטרעבענדיג, זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulator *n.* (עמ'-יו-ליי-טאר) א קאנקורענט; איינער וואס שטרעבט זיך צו פערגלייכען מיט אימעצען אדער איהם אריבערצושטייגען.

em'ulatory *a.* (עמ'-יו-ליי-טא-רי) ז. *emulative*

emul'gent *a. and n.* (אי-מאל'-דזשענט) אין אנאטאמיע — וואס ציהט ארויס [בנוגע צו די אדערען און די ניערען, וועלכע ציהען ארויס די אורין (השתנה) פון דעם בלוט]; א מעדיצינישעס מיטעל וואס מאכט שנעלער די פליסונג פון גאל.

emul'gent ves'sels (אי-מאל'-דזשענט וועס'-עלז) די אדערען וואס געפינען זיך אין די ניערען.

em'ulous *a.* (עמ'-יו-לאס) ז. *emulative*

em'ulously *adv.* (עמ'-יו-לאס-לי) אויף א קאנקורירענדען אופן, סטארענדיג זיך אריבערצושטייגען דעם אנדערען.

em'ulousness *n.* (עמ'-יו-לאס-נעס) דאס זיין אייפערזיכטיג; דאס סטארען

זיך צו זיין גלייך אדער אריבערצושטייגן דעם אנדערן.

emul'sifier *n.* (אי-מאל'-סי-פאי-ער) איינער וואס בויטשעט אויף אדער קלאפט פאנאנדער א פעטע זאך [ווי פוטער, שמאלץ א. ד. ג.] אין א פליסיגקייט.

emul'sify *v.* (אי-מאל'-סי-פאי) אויפבויטשען אדער פאנאנדערקלאפען א פעטע זאך אין א פליסיגקייט.

emul'sion *n.* (אי-מאל'-שאן) עמולסיאן אדער זאמען⸗מילך [א מין מילך וואס בעקומט זיך פון אויפבויטשען אדער פאנאנדערקלאפען א פעטע זאך, ווי אויל, שמאלץ א. ד. ג., אדער קליינינקע קערנדלעך אין א פליסיגקייט].

emul'sionize *v.* (אי-מאל'-שאנ-איז) ז. *emulsify*

emul'sive *a.* (אי-מאל'-סיוו) ווייך מאכענד; אויפבויטשענד אדער פאנאנדערקלאפענד א פעטע זאך אין א פליסיגקייט.

ena'ble *v.* (ע-ניי'בל) מאכען פעהיג, מאכען אין שטאנד.

Education **enables** one to improve his material condition.

ena'blement *n.* (ע-ניי'בל-מענט) דאס פעהיג מאכען.

enact' *v.* (ע-נעקט') בעשליסען, פארשרייבען אדער בעפעהלען [לויט געזעץ]; מאכען פאר א געזעץ [א געזעץ⸗פארשלאג]; טהאן, מאכען; שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע], פארשטעלען, פערזאניפיצירען.

enact'ing clause (ע-נעקט'-אינג קלאהז) דער אנפאנג⸗פאראגראף פון א געזעץ וואס פאנגט זיך אן מיט די ווערטער:

"Be it enacted by..."

enac'tive *a.* (ע-נעק'-טיוו) וואס האט די מאכט געזעצליך פארצושרייבען אדער מאכען א געזעץ.

enact'ment *n.* (ע-נעקט'-מענט) דאס פארשרייבען אדער בעפעהלען געזעצליך; דאס מאכען פאר א געזעץ [א געזעץ⸗פארשלאג]; א געזעץ, א געזעצליכע פארשריפט; דאס שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע].

enac'tor *n.* (ע-נעק'-טאר) איינער וואס מאכט א געזעץ.

enal'lage *n.* (ע-נעל'-איי-דזשי) אין גראמאטיק — די אנאלאגע, די פערביטונג פון איין גראמאטישער פארם פון א ווארט אויף אן אנדערער אדער פון, איין ווארט אויף אן אנדערען [למשל: דער געברויך אין ליטעראַרישע ווערק פון "מיר" אנשטאט "איך"].

enam'bush *v.* (ענ-עמ'-בוש) בעהאלטען [אין א לויערונגס⸗ארט].

enam'el *n. and v.* (ע-נעמ'-על) עמאל; גלאזור; עטוואס וואס איז גלאט און גלאנציג ווי גלאזור; צייהנער⸗עמאל [די אויבערשטע שיכט פון די צייהנער]; גלאנץ, פאליר; שמירעכץ פאר'ן געזיכט צו מאכען די הויט פריש און שעהן; גלאזירען, ארויפלעגען גלאזור [אויף געשיר]; בעציערען מיט גלאזור אדער עמאל; מאכען גלאנציג און גלאט [ווי גלאזור].

enam'eled pa'per (ע-נעמ'-עלד פיי'-פער) גלאזור⸗פאפיער, קרייד⸗פאפיער, וויזיט⸗קארטען⸗פאפיער.

enam'eler *n.* (ע-נעמ'-על-ער) ז. *enameller*

enam'eller *n.* (ע-נעמ'-על-ער) איינער וואס גלאזירט אדער בעציערט מיט עמאל.

enam'or *v.* (ע-נעמ'-אר) מאכען פערליעבט; אנצינדען מיט ליעבע, בעצויבערען; שטארק צובינדען.

He is **enamored** in his own ideas.

enanthe'sis *n.* (ענ-ענ-טהי'-סיס) אן אויסשלאג אדער אויסשיטונג אויף דער הויט פון אן אינערליכער קראנקהייט, ווי פון טיפוס⸗פיבער, מאזלען א. ד. ג.

enantio'sis *n.* (ע-נענ-טי-או'-סיס) אן ארט אויסדרוק וואו א זאך ווערט בעהויפטעט ניט דירעקט, נאר דורך דער פערניינונג פון איהר געגענזאץ [ווי למשל: "ער איז נים קיין נאר" אנשטאט "ער איז א קלוגער"].

e'nate *a.* (אי'-נייט) ארויסוואקסענד, וואס וואקסט ארויס; וואס איז א קרוב פון דער מוטער'ס צד.

encage' *v.* (ענ-קיידזש') איינשפארען אין א שטייג; איינשפארען.

encalm' *v.* (ענ-קאהם') אוועקלעגען רוהיג, שטיל.

encamp' *v.* (ענ-קעמפ') לאגערען, מאכען א לאגער.

encamp'ment *n.* (ענ-קעמפ'-מענט) דאס לאגערען; א לאגער.

encar'pus *n.* (ענ-קאר'-פאס) אין ארכיטעקטור — א סקולפטור⸗ארבייט אויף א וואנד פון א געביידע אין דער פארם פון א גירלאנדע מיט פרוכטען, בלעטער אדער בלומען.

Encarpus

encase' *v.* (ענ-קיים') איינשליסען.

encase'ment *n.* (ענ-קיים'-מענט) איינשליסונג.

encash' *v.* (ענ-קעש') איינקאסירען, איינמאהנען שולדען [אויף וועקסלען].

encash'ment *n.* (ענ-קעש'-מענט) איינקאסירונג פון שולדען [אויף וועקסלען].

encaus'tic *a. and n.* (ענ-קאהס'-טיק) ענקוסטיש, וואס איז שייך צו דער מאהלעריי מיט וואקס אדער מיט וואקספארבען; די מאהלעריי אין וואקס, דאס איינברענען פיגורען אין וואקס.

encaus'tic pain'ting (ענ-קאהס'-טיק פיינ'-טינג) וואקס⸗מאהלעריי.

encaus'tic tile (ענ-קאהס'-טיק טאיל) ענקוסטישע ציגעל [גלאזירטע ציגעל מיט בילט'ע פיגורען].

encave' *v.* (ענ-קייוו') בעהאלטען [אין א הייל אדער ווי אין א הייל].

enceinte' *a. and n.* (אנ-סענט') שוואנגער, מעוברת; א פעסטונגס⸗וואנד וואס רינגעלט ארום א פלאץ.

encephal'ic *a.* (ענ-סע-פעל'-איק) וואס איז שייך צום מארך; וואס געפינט זיך אין קאפ אדער אין שארבען.

encephalit'ic *a.* (ענ-סעפ-ע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו, אדער וואס ליידט פון מארך⸗ענטצינדונג.

encephali'tis *n.* (ענ-סעפ-ע-לאי'-טיס) מארך⸗ענטצינדונג.

enceph'aloid *a.* (ענ-סעפ'-ע-לאיד) וואס איז עהנליך צום מארך⸗שטאף.

enceph'aloid can'cer (ענ-סעפ'-ע-לאיד קענ'-סער) אזא מין ראק אדער קרעבס⸗קראנקהייט.

encephalol'ogy *n.* (ענ-סעפ-ע-לאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן געהירן.

encephalo'ma *n.* (ענ-סעפ-ע-לאו'-מא) ז. *encephaloid cancer*

encephalomala'cia *n.* (ענ-סעפ-ע-לא-מע-ליי'-סי-א) געהירן⸗ערווייכונג [אזא קראנקהייט].

enceph'alon *n.* (ענ-סעפ'-ע-לאן) דער מארך, די געהירן.

enceph'alous *a.* (ענ-סעפ'-ע-לאס) וואס האט א קאפ [וועגען געוויסע מאלוסקען].

enchafe' *v.* (ענ-טשייף') דערוואַרימען, דערהיצען; זיך דערהיצען; רייצען, אויפרעגען.

enchain' *v.* (ענ-טשיין') איינקייטען, שמידען אין קייטען; פערשקלאפען; שטארק צוהאלטען; צוריקהאלטען; איינשרענקען, ארומצאמען; צונויפקייטען, פערבינדען.

enchain'ment *n.* (ענ-טשיינ'-מענט) דאס שמידען אין קייטען; דאס זיין געשמידט אין קייטען; צוזאמענבינדונג, צוזאמענהאלטונג, צוזאמענקייטונג; שקלאפעריי.

enchant' *v.* (ענ-טשענט') טהאן כשוף; כשוף'ען, בעצויבערען; ענטציקען.

enchan'ter *n.* (ענ-טשענ'-טער) א כשוף⸗מאכער, א צויבערער; איינער וואס בעצויבערט אדער ענטציקט.

enchan'ting *a.* (ענ-טשענ'-טינג) בעצויבערענד; צויבערליך; ענטציקענד.

enchan'tingly *adv.* (ענ-טשענ'-טינג-לי) אויף א בעצויבערענדען אדער ענטציקענדען אופן.

enchant'ment *n.* (ענ-טשענט'-מענט) כשוף, בעצויבערונג; צויבער, ענטציקונג.

enchan'tress *n.* (ענ-טשענ'-טרעס) א כשוף⸗מאכערין, א צויבערין; א פרוי וואס בעצויבערט אדער ענטציקט.

enchase' *v.* (ענ-טשיים') איינפאסען [דימאנטען]; בעפוצען, בעציערען א זאך; איינגראווירען.

encha'sing *n.* (ענ-טשיי'-סינג) איינפאסונג; דאס בעפוצען אדער בעציערען א זאך.

encho'rial *a.* (ענ-קאו'-רי-על) וואס בעלאנגט צו, אדער וואס ווערט בענוצט אין א בעשטימטען לאנד; ארטיג, לאקאל; פאלקסטימליך.

encho'ric *a.* (ענ-קאו'-ריק) ז. *enchorial*

encho'rious *a.* (ענ-קאו'-רי-אס) ז. *enchorial*

enchoris'tic *a.* (ענ-קא-ריס'-טיק) ז. *enchorial*

en'chyma *n.* (ענ'-קי-מא) די זאפט וואס בילדעט זיך אויס פון כימאס [די איבערגעקאכטע שפייז וואס געהט אריבער פון מאגען אין די געדערים] און וועלכע ווירקט מיט אין דער אויסבילדונג פון נייע צעלען אין ארגאניזם.

encir'cle *v.* (ענ-סויר'קל) ארומרינגלען; מאכען א קרייז ארום און ארום; בעוועגען זיך ארום עפעס אין א קרייז⸗ריכטונג; ארומגארטלען; ארומנעהמען.

enclave' *v. and n.* (אנ-קלעוו') איינשליסען אדער ארומרינגלען א געוויסעס לאנד מיט די טעריטאריען פון אן אנדער מלוכה; א לאנד וואס איז ארומגערינגעלט מיט די טעריטאריען פון אן אנדער מלוכה [ווי למשל, דאס קליינע לאנד "מאנאקא"

איז ארומגערינגעלט מיט טעריטאריען וואס בעלאנגען צו פראנקרייך, ד. ה. דיעזע קליינע מלוכה איז איינגעשלאסען אין דער פראנצויזישער מלוכה].

enclave′ment *n.* (אנ-קלעוו′-מאן) דאס זיין איינגעשלאסען אין די גרענעצען פון אן אנדער מלוכה.

enclit′ic *n. and a.* (ענ-קליט′-איק) די ענקליטיקא, א ווארט וואס האט אנגעווארען זיין אקצענט און איז צוגעגעבען געווארען אלס אן איינפאכע זילבע צום ווארט וועלכעס שטעהט פריהער [ווי דאס ווארט *not* אין *can't*]; ענקליטיש, וואס איז שייך צו אן ענקליטיקא.

enclois′ter *v.* (ענ-קלאיס′-טער) איינשפארען אין א מאנאסטיר.

enclose′ *v.* (ענ-קלאוז′) איינשליסען; ארומצאמען; ענטהאלטען.

enclosed′ *a.* (ענ-קלאוזד′) איינגעשלאסען, צוגעלעגט.

enclo′ser *n.* (ענ-קלאו′-זער) דער וואס שליסט איין; דער וואס לעגט צו.

enclo′sure *n.* (ענ-קלאו′-זשור) 1. אן איינגעשלאסענער אדער פערצאמטער ארט; 2. די איינשליסונג.

1. The baby is playing in an enclosure.

encloud′ *v.* (ענ-קלאוד′) בעדעקען מיט וואלקענס; ארויפווארפען א שאטען.

encof′fin *v.* (ענ-קאפ′-אין) אריינלעגען אין א טרונע.

enco′miast *n.* (ענ-קאו′-מי-עסט) א פאנעגיריסט, א לויב-רעדנער; איינער וואס לויבט און זאגט שבחים אויף אן אנדערען.

encomias′tic *a.* (ענ-קאו-מי-עס′-טיק) וואס ענטהאלט לויב אדער שבחים.

encomias′tical *a.* (ענ-קאו-מי-עס′-טי-קעל) ז. *encomiastic*

encomias′tically *adv.* (ענ-קאו-מי-עס′-טי-קעל-אי) אויף א פאנעגירישען שטייגער; דורך לויבען און זאגען שבחים.

enco′mium *n.* (ענ-קאו′-מי-אם) פאנעגיריק, לויב; א לויב-שריפט אדער לויב-רעדע.

encom′pass *v.* (ענ-קאמ′-פעס) ארומבינגלען; ארומקרייזען, איינשליסען.

encom′pass the world (ענ-קאמ′-פעס טהי הוואירלד) מאכען א רייזע ארום דער ערד.

encore′ *adv., n. and v.* (אנ-קאור′) נאך אמאל; דאס שרייען "נאך אמאל!" אדער "בים" [אין טעאטער]; די איבער׳חזר׳ונג פון א געוויסער פארשטעלונג אין א טעאטער; ארויסרופען נאך אמאל די אקטיארען.

encoun′ter *n. and v.* (ענ-קאונ′-טער) א פלוצלינגע צוזאמענטרעפונג, א בעגעגניש; א קאנפליקט, א געפעכט; בעגעגענען; אנגרייפען; זיך שטעלען געגען; קעמפפען, פעכטען; אויסהאלטען.

encoun′terer *n.* (ענ קאונ′ טער-ער) אן אפאנענט, א געגנער, א פיינד.

encour′age *v.* (ענ-קאר′-עדזש) ערמוטיגען, אויפמונטערען, צוגעבען קוראזש.

encour′agement *n.* (ענ-קאר′-עדזש-מענט) די אויפמונטערונג, ערמוטיגונג, דאס צוגעבען קוראזש.

encour′ager *n.* (ענ-קאר′-עדזש-ער) אן אויפמונטערער; דער וואס גיט צו מוטה; איינער וואס שטיצט אן אונטערנעהמונג.

encour′aging *a.* (ענ-קאר′-עדזש-אינג) אויפמונטערענד, צוגעבענד מוטה.

encour′agingly *adv.* (ענ-קאר′-עדזש-אינג-לי) צוגעבענדיג קוראזש, דורך ערמוטיגונג.

En′cratism *n.* (ענ′-קרע-טיזם) ענקראטיזם, די לעהרע פון געוויסע אמאליגע קריסטליכע סעקטען, אז די געשלעכטליכע פעראייניגונג פון א מאנספערזאן און פרויענצימער, אין וועלכער פארם דאס זאל ניט זיין, איז א אונריינינקייט און א גרויסע זינד.

en′craty *n.* (ענ′-קרע-טי) זעלבסט-בעהערשונג, זעלבסט-קאנטראל; דאס אבזאגען זיך פון עולם-הזה-זאכען; דאס פייניגען דעם גוף דורך תעניתים און סגופים.

encrim′son *v.* (ענ-קרימ′זן) פארבען אויף רויט.

encrim′soned *a.* (ענ-קרימ′זנד) שטארק רויט געפארבט.

en′crinite *n.* (ענ′-קרי-נאיט) ענקריניט, ליליענשטיין, פערשטיינערטע קרינאאידען. ז. *Crinoidea*



Encrinite

encroach′ *v.* (ענ-קראוטש′) 1. פערכאפען, פערנעהמען עפעס; 2. מאכען אן אנגריף.

1. The building encroaches upon the neighbor's lot. 2. I shall resist any one who encroaches upon my rights.

encroa′cher *n.* (ענ-קראו′-טשער) אן אנגרייפער; איינער וואס פערכאפט דעם אנדערענס רעכט אויף עפעס.

encroa′chingly *adv.* (ענ-קראו′-טשינג-לי) דורך אן אנגריף.

encroach′ment *n.* (ענ-קראוטש′-מענט) די אנגרייפונג, אן אנגריף: דאס פערכאפען איינעמס רעכט אויף עפעס; דאס וואס איז פערכאפט געווארען.

encroach′ upon′ one's kind′ness (ענ-קראוטש′ א-פאן′ הוואנז קאינד′-נעס) אויסנוצען איינעמס גוטסקייט; געהן איבער דער מאס אין אויסנוצען אימעצען.

encrust′ *v.* (ענ-קראסט′) ארומלעגען, בעדעקען מיט עפעס; פערזשאווערט ווערען, בעדעקען זיך מיט שימעל.

en cuer′po (ען קהווער′-פאו) אהן א מאנטעל; אהן קליידער; נאקעט.

encum′ber *v.* (ענ-קאמ′-בער) אנווארפען שטערונגען; הינדערען; שטעלען מניעות; בעלעסטיגען מיט איבריגע אוננוציגע זאכען.

I am encumbered with too much baggage.

encum′bered *a.* (ענ-קאמ′-בערד) פול מיט שולדען, בעלאסטעט.

encum′beringly *adv.* (ענ-קאמ′-בער-אינג-לי) דורך שטעלען מניעות, בעלאסטענדיג.

encum′berment *n.* (ענ-קאמ′-בער-מענט) הינדערונג; לאסט.

encum′brance *n.* (ענ-קאמ′-ברענס) א שוועריגקייט, א מניעה, א הינדערניס; א לאסט; אבצאהל, פאראטקעס; זאכען, וועלכע זיינען איבריג, אבער מען האלט זיי.

Travelers often make a mistake in taking on their journeys things that prove an encumbrance.

encum′brancer *n.* (ענ-קאמ′-ברענ-סער) איינער וואס לייהט געלד אויף אונבעוועגליכעס אייגענטום.

encyc′lic *a. and n.* (ענ-סיק′-ליק) וואס איז געמאכט געווארען מיט דעם ציעל שטארק צו פערשפרייטען צווישען פובליקום; אן ענציקליק, א בריעף וואס דער פאפסט שיקט פאנאנדער צו אלע בישאפען.

encyc′lical *a. and n.* (ענ-סיק′-לי-קעל) ז: *encyclic*

encyclopæ′dia *n.* (ענ-סאי-קלא-פי′-די-א) ז. *encyclopedia*

encyclopæ′dic *a.* (ענ-סאי-קלא-פי′-דיק) ז. *encyclopedic*

encyclopæ′dical *a.* (ענ-סאי-קלא-פי′-די-קעל) ז. *encyclopedic*

encyclopæ′dism *n.* (ענ-סאי-קלא-פי′-דיזם) ז. *encyclopedism*

encyclopæ′dist *n.* (ענ-סאי-קלא-פי′-דיסט) ז. *encyclopedist*

encyclope′dia *n.* (ענ-סאי-קלא-פי′-די-א) ענציקלאפעדיע, א ווערק וואו עס ווערען געגעבען אין א געוויסער ארדנונג [מייסטענס אין אלפאבעטישער ארדנונג] ידיעות און ערקלערונגען איבער אלע צווייגען פון קענטניס און וויסענשאפט אדער איבער איין בעשטימטער וויסענשאפט.

encyclope′dic *a.* (ענ-סאי-קלא-פי′-דיק) ענציקלאפעדיש; וואס איז שייך צו אלע צווייגען פון וויסענשאפט.

encyclope′dical *a.* (ענ-סאי-קלא-פי′-די-קעל) ז. *encyclopedic*

encyclope′dism *n.* (ענ-סאי-קלא-פי′-דיזם) די מעטאדע פון קלייבען און געבען ידיעות און ערקלערונגען אין דער פארם פון אן ענציקלאפעדיע.

encyclope′dist *n.* (ענ-סאי-קלא-פי′-דיסט) אן ענציקלאפעדיסט, א פערפאסער אדער צוזאמענשטעלער פון א ווערק, וואס גיט ידיעות און ערקלערונגען אין אלע וויסענשאפטען.

encyst′ *v.* (ענ-סיסט′) — אין ביאלאגיע איינשליסען אדער ווערען איינגעשלאסען אין א פענכער אדער בלאז.

encysta′tion *n.* (ענ-סיס-טיי′-שאן) ז: *encystment*

encyst′ment *n.* (ענ-סיסט′-מענט) אין ביאלאגיע — דאס איינשליסען אדער דאס זיין איינגעשלאסען אין א פענכער אדער בלאז.

end *n. and v.* (ענד) ענד, עק, סוף; טויט, פערניכטונג; א רעשט; ציעל, צוועק; אונפערמיידליכער שלום, נויטווענדיגע פאלגע; ענדיגען, זיך ענדיגען; אויפהערען; טויטען, פערניכטען, אומברינגען; שטארבען; אוועקשטעלען אויף׳ן עק אדער שפיץ; צומאכען אדער בעציערען אן עק אדער שפיץ [ווי פון א שטעקען].

end′-all *n.* (ענד′-אהל) פאלשטענדיגער ענד, שלום.

endam′age *v.* (ענ-דעמ′-עדזש) שאדען טהאן, שעדיגען.

endam′agement *n.* (ענ-דעמ′-עדזש-מענט) שעדיגונג, שאדען, פערלוסט.

end and aim (ענד ענד איים) צוועק און ציעל.

endan′ger *v.* (ענ-דיינ′-דזשער) ברייננען אין געפאהר, שטעלען אין געפאהר.

endan′germent *n.* (ענ-דיינ′-דזשער-מענט) געפאהר; דאס שטעלען אין געפאהר; דאס זיין אין געפאהר.

endear′ *v.* (ענ-דיער′) מאכען טייער אדער ליעב.

endeared' *a.* (ענ-דיערד') בעליעבט, טייער.

endear'edly *adv.* (ענ-דיער'-ער-לי) מיט ליעבע.

endear'ing *a.* (ענ-דיער'-אינג) מאכענדיג בעליעבט און טייער; ערוועקענדיג ליעבע.

endear'ingly *adv.* (ענ-דיער'-אינג-לי) אויף אן אופן וואס רופט ארויס ליעבע אדער וואס מאכט ליעב און טייער.

endear'ment *n.* (ענ-דיער'-מענט) ליעבע; דאס זיין ליעב און טייער.

endeav'or *v. and n.* (ענ-דעוו'-אר) שטרעבען, בעשטרעבען, זיך בעמיהען; שטרעבונג, בעשטרעבונג, בעמיהונג.

endec'agon *n.* (ענ-דעק'-ע-גאן) ז. ***hendecagon***

ende'mial *a.* (ענ-די'-מי-על) ז. ***endemic***

endem'ic *a. and n.* (ענ-דעמ'-איק) ענדעמיש, לאקאל; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר א געוויסען פאלק אדער פאר איינוואהנער פון א געוויסער געגענד [הויפטזעכליך וועגען קראנקהייטען]; וואס מען געפינט בלויז אין געוויסע געגענדען [וועגען פלאנצען און חיות]; דאס בושעווען פון א מגפה.

endem'ical *a.* (ענ-דעמ'-אי-קעל) ז. ***endemic***

endem'ically *adv.* (ענ-דעמ'-אי-קעל-אי) אויף אן אופן וואס איז כאראקטעריסטיש בלויז פאר א געוויסען פאלק אדער פאר א געוויסער געגענד; ענדעמיש. ז. ***endemic***

endemiol'ogy *n.* (ענ-די-מי-אל'-א-דזשי) א וויסענשאפטליכע פארשונג וועגען קראנקהייטען וואס זיינען בעקאנט בלויז ביי געוויסע פעלקער אדער אין געוויסע געגענדען.

endeniza'tion *n.* (ענ-דענ-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען אדער אנערקענען פאר א בירגער.

enden'ize *v.* (ענ-דענ'-איז) ז. ***endenizen***

enden'izen *v.* (ענ-דענ'-איזן) נאטוראליזירען; מאכען פאר א בירגער.

en'der *n.* (ענ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס פערענדינט אדער ברייננט צו א שלום.

endermat'ic *a.* (ענ-דויר-מעט'-איק) ז. ***endermic***

ender'mic *a.* (ענ-דויר'-מיק) וואס ווירקט אדער ווערט אנגעווענדעט דירעקט אויף דער אונטערשטער הויט [וועגען מעדיצינען].

en'deron *n.* (ענ'-דע-ראן) די אונטערשטע הויט.

end for end (ענד פאר ענד) איבערגעקעהרט, פערקעהרט.

en'ding *n.* (ענ'-דינג) דאס ענדיגען; דאס ענדיגען פון לעבען; שלוס; אין גראמאטיק — די ענדונג, דער לעצטער אות אדער די לעצטע זילבע פון א ווארט [וועלכע ענדערען זיך אין פערשיעדענע פארמען פון דעם ווארט].

end in smoke (ענד אין סמאוק) ווערען צו גארניט; פערגעהן אין רויך.

en'dive *n.* (ענ'-דייוו) ענדיוויע [א מין ציקאריע=פלאנצע, וועלכע ווערט געברויכט אלס סאלאט].

end'less *a.* (ענד'-לעס) אונענדליך, אהן א סוף, אונאויפהערליך.

Let us not be engaged in an endless discussion.

end'less band (ענד'-לעס בענד) ז. ***endless belt***

end'less belt (ענד'-לעס בעלט) אן ענדלאזער ריעמען [א מאשין=ריעמען, די עקען פון וועלכען זיינען פעראייניגט].

end'less chain (ענד'-לעס טשיין) אן אונענדליכע קייט [א קייט וואס איז געשלאסען אין זיך, ד. ה. איהרע ענדען זיינען פערבונדען מיט אן אנדער].

end'lessness *n.* (ענד'-לעס-נעס) אונענדליכקייט, אונאויפהערליכקייט.

end'less saw (ענד'-לעס סאה) אן ענדלאזע זעג אדער א באנד=זעג [א זעג וואס איז אין זיך געשלאסען ווי א רינג].

end'less screw (ענד'-לעס סקרוה) אן ענדלאזע שרויף [א שרויף וואס איהרע גווינטען פאסען זיך אריין אין די צייהנער פון א ראד, פון וועלכען זי ווערט געטריבען].


Endless Screw

end'long *prep. and adv.* (ענד'-לאהנג) אין דער לענג [פון עפעס]; פון ענד צו ענד; אונאויפהערליך; אין א גלייכער ריכטונג.

end man (ענד מען) ז. ***end-man***

end-man *n.* (ענד'-מען) א מענש וואס שטעהט ביי דעם ענד פון א רייה אדער צייל; אן עקסטרעמער, א ראדיקאל; ביי טרופען פון וואנדערענדע אקטיארען — איינער פון די אקטיארען אדער זינגער, וועלכע שטעהען ביי ביידע ענדען פון דער אויסגעשטעלטער טרופע און האבען צו ערפילען ספעציעלע אויפגאבען בנוגע צו דעם שוישפיעל.

end'most *a.* (ענד'-מאוסט) וואס איז אין דעם ווייטסטען עק; וואס שטעהט אב אם ווייטסטען.

endocar'diac *a.* (ענ-דא-קאר'-די-עק) וואס געפינט זיך אינעווענינ אין הארצען; וואס איז שייך צו דער אינערליכער זייט פון הארץ; וואס איז שייך צו דעם טייל פון מאגען, דורך וועלכען עס געהט אין איהם אריין דאס עסען.

endocar'dial *a.* (ענ-דא-קאר'-די-על) ז. ***endocardiac***

endocardi'tis *n.* (ענ-דא-קאר-דאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער אינערליכער זייט פון הארצען.

endocar'dium *n.* (ענ-דא-קאר'-די-אם) די אינערליכע זייט פון הארצען.

en'docarp *n.* (ענ'-דא-קארפ) אין באטאניק — די אינערליכע זייט פון דער שאלעכץ אדער הויט פון א פרוכט.

en'doderm *n.* (ענ'-דא-דוירם) אין עמבריאלאגיע — די ענדאדערמא. ז. ***ectoderm***

endoder'mal *a.* (ענ-דא-דויר'-מעל) וואס איז שייך צו דער ענדאדערמא. ז. ***ectoderma***

endoder'mic *a.* (ענ-דא-דויר'-מיק) ז. ***endodermal***

endog'amic *a.* (ענ-דאג'-ע-מיק) וואס איז שייך צו ענדאגאמיע. ז. ***endogamy***

endog'amous *a.* (ענ-דאג'-ע-מאס) ז. ***endogamic***

endog'amy *n.* (ענ-דאג'-ע-מי) ענדאגאמיע, דער מנהג פון איינינע ווילדע שבטים צו הייראטען נור מיט מיטגליעדער פון זייער אייגענעם שבט.

endogastri'tis *n.* (ענ-דא-געס-טראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער מאגען=שליים=הויט.

en'dogen *n.* (ענ'-דא-דזשען) אין באטאניק — אן ענדאגען [איינע פון דעם מין פלאנצען, ביי וועלכע דער שטאם בעשטעהט ניט פון בעזונדערע שיכטען אדער רינגען ארום דעם הערצעל, און וועגען וועלכען מען האט אמאל געמיינט, אז זייער וואוקס בעשטעהט ניט אין דעם, וואכ ארום דעם הערצעל קומט צו יעדעס יאהר א נייער שיכט אדער רינג, נאר דאס הערצעל אליין וואקסט זיך פאנאנדער].

endog'enous *a.* (ענ-דאדזש'-ע-נאס) אין באטאניק — וואס איז שייך צו די ענדאגען=פלאנצען [ז. ***endogen***]; וואס וואקסט זיך פאנאנדער פון אינעווענינ.

end on (ענד אן) וואס דער שפיץ אדער די נאז איז געריכטעט דירעקט צו א געוויסען געגענשטאנד [בנוגע צו א שיף אין ים]; אין א פערפענדיקולארער ריכטונג [בנוגע צו די אונטערשטיצונגס=באלקענס פון א שאכטע].

endopar'asite *n.* (ענ-דאו-פער'-ע-סאיט) א פאראזיט [א בעשעפעניש וואס ציהט זיין יניקה פון אן אנדער בעשעפעניש], וועלכער געפינט זיך אין די אינערליכע טיילען פון ארגאניזם.

endoparasit'ic *a.* (ענ-דאו-פער-ע-סיט'-איק) וואס איז שייך צו דעם מין פאראזיטען, וואס לעבען אינעווענינ אין קערפער.

endoph'agy *n.* (ענ-דאפ'-ע-דזשי) קאניבאליזם אדער מענשען=פרעסעריי אין דעם אייגענעם שבט; דאס אויפעסען א קרוב פון דער אייגענער משפחה.

endophyl'lous *a.* (ענ-דא-פיל'-אס) אין באטאניק — וואס וואקסט ארויס פון בלומען=שייד.

en'dophytal *a.* (ענ'-דא-פאי-טעל) ז. ***endophytic***

en'dophyte *n.* (ענ'-דא-פאיט) אן ענדאפיט, א פאראזיטען=פלאנצע [א פלאנצע וואס לעבט אין אן אנדער ארגאניזם אלס א פאראזיט].

endophyt'ic *a.* (ענ-דא-פיט'-איק) ענדאפיטיש, וואס האט דעם כאראקטער פון א פאראזיטען=פלאנצע [א פלאנצע וואס וואקסט און ערנעהרט זיך פון אן אנדער ארגאניזם].

endophyt'ically *adv.* (ענ-דא-פיט'-אי-קעל-אי) מעשה ענדאפיט, ווי א פאראזיטען=פלאנצע.

endoph'ytous *a.* (ענ-דאפ'-אי-טאס) וואס לעבט אין האלץ, וואס האלט זיך אויף אינעווענינ אין פלאנצען און בוימער [וועגען געוויסע אינזעקטען].

endors'able *a.* (ענ-דארס'-עבל) ז. ***indorsable***

endorse' *v.* (ענ-דארס') אויפשרייבען אויף דער אנדערער זייט פון עפעס [ווי אויף א וועקסעל אדער א באנק=אנווייזונג]; בעשטעטיגען מיט אן אונטערשריפט; צושטימען. ז. ***indorse***

endorse'ment *n.* (ענ-דארס'-מענט) ז. ***indorsement***

endor'ser *n.* (ענ-דאר'-סער) איינער וואס שרייבט אונטער א נאטע אדער וועקסעל אלס ערב. ז. ***indorser***

en'dosmose *n.* (ענ'-דאס-מאוס) ז. ***endosmosis***

endosmo'sis *n.* (ענ-דאס-מאו'-סיס) אין פיזיק — דער ענדאסמאס, דאס דורכדרינגען פון אן אויסערליכער פליסיגקייט

אין אן אינערליכער דורך א הויט וואס טיילט זיי פאנאנדער. ז. *exosmosis*

endosmot'ic *a.* (ענ-דאס-מאט'-איק) וואס איז שייך צו דער איינענשאפט פון א פליסיגקייט איינצודרינגען אין א צווייטער דורך א הייטעל וואס טיילט זיי אב.

endosmot'ically *adv.* (ענ-דאס-מאט'-אי-קעל-אי) אויף דעם אופן ווי א פליסיגקייט דרינגט דורך אין אן אנדער פליסיגקייט דורך א הייטעל, וואס טיילט זיי אב.

en'dosomal *a.* (ענ'-דא-סאו-מעל) וואס איז שייך צו דעם אינעווענינגסטען טייל פון א שוואם.

en'dosome *n.* (ענ'-דא-סאום) דאס אינעווענינגסטע פון א שוואם.

en'dosperm *n.* (ענ'-דא-ספוירם) דאס איי-ווייס פון זאמען [קערנער].

endosper'mic *a.* (ענ-דא-ספויר'-מיק) וואס ענטהאלט איי-ווייס [וועגען זאמען].

endothe'lial *a.* (ענ-דא-טהי'-לי-על) וואס איז שייך צו דעם אינערליכען הייטעל פון אן אדער, ארטער פון אן אנדער בלוט-געפעס.

endothe'lioid *a.* (ענ-דא-טהי'-לי-איד) וואס איז עהנליך צו דעם אינערליכען הייטעל פון א בלוט-געפעס.

endothelio'ma *n.* (ענ-דא-טהי-לי-או'-מא) א קרעבס-געוויקס אויף דעם אינערליכען הייטעל פון א בלוט-געפעס.

endothe'lium *n.* (ענ-דא-טהי'-לי-אם) דאס אינערליכע הייטעל פון א בלוט-געפעס [ווי פון אן אדער א. ד. ג.].

endother'mic *a.* (ענ-דא-טהויר'-מיק) וואס איז שייך צום ארייצניהען אין זיך ווארעמקייט.

endother'mous *a.* (ענ-דא-טהויר'-מאס) ז. *endothermic*

endow' *v.* (ען-דאו') אויסשטאטען; בעזארגען מיט א בעשטענדיגען פאנד פון איינקינפטע; בעגאבען אדער בעשענקען.

The philanthropist **endowed** the university with $5,000,000.

endow'er *n.* (ען-דאו'-ער) איינער וואס בעשענקט אדער בעזארגט מיט א פאנד פון א בעשטענדיגען איינקונפט.

endow'ment *n.* (ען-דאו'-מענט) א פאנד אדער אייגענטומס-בעזיץ וואס ווערט פאר איינעם בעשטימט פאר א שטענדיגער איינקונפט; א בעגאבונג פון דער נאטור; טאלענט: דאס בעזארגען מיט א פאנד פאר א שטענדיגער איינקונפט.

endow'ment pol'icy (ען-דאו'-מענט פאל'-אי-סי) א לעבענס-פערזיכערונגס פאליסי, לויט וועלכער עס ווערט אויסגעצאהלט א געוויסע געלד-סומע אין א בעשטימטער צייט נאך דער פערזיכערונג און צו יעדער צייט פון א טויט-פאל.

end'-pa'per *n.* (ענד'-פיי'-פער) דאס לעדיגע בלאט פאפיער וואס ווערט ביים איינבינדען א בוך ארייגעשטעלט פון אנפאנג און פון ענד.

end'-play *n.* (ענד'-פליי) די בעוועגונג ביים ענד אדער ביי דער זייט פון עפעס [ווי ביי אן אקס].

endue' *v.* (ען-דיו') בעשענקען אדער בעגאבען מיט א געוויסער איינענשאפט אדער פעהיגקייט.

endur'able *a.* (ען-דיור'-עבל) ערטרעגליך, וואס מען קען אריבערטראגען; צו דערליידען.

endur'ableness *n.* (ען-דיור'-עבל-נעס) דולדבארקייט, ערטרעגליכקייט: דאס זיין צו דערליידען.

endur'ably *adv.* (ען-דיור'-ע בלי) אויף א דולדבארען אדער ערטרעגליכען אופן.

endur'ance *n.* (ען-דיור'-ענס) דאס פערטראגען, דאס אויסהאלטען, געדולד; די פעהיגקייט אויסצוהאלטען אדער איבערטראגען [יסורים, צער].

endure' *v.* (ען-דיור') אויסהאלטען, פערטראגען; ליידען מיט געדולד; פארטזעצען; דויערען.

Pain may be **endured** more easily than disgrace.

endur'er *n.* (ען-דיור'-ער) א דולדער, דער וואס קען אויסהאלטען אדער פערטראגען.

endur'ing *a.* (ען-דיור'-אינג) וואס דויערט, וואס ווערט פארטגעזעצט; וואס ליידעט א לאנגע צייט.

endur'ingly *adv.* (ען-דיור'-אינג-לי) לעולם ועד; פאר א לאנגער צייט.

end'ways *adv.* (ענד'-הווייז) אין דער ריכטונג פון דעם ענד; מיט דעם ענד ארויף אדער אראב.

end'wise *adv.* (ענד'-הוואיז) ז. *endways*

E. N. E. *east-northeast* אבקירצונג פון אין דער ריכטונג פון מערב צו צפון-מערב.

en'ema *n.* (ענ'-ע-מא) א קליסטיר, א קאנע.

en'emy *n.* (ענ'-ע-מי) א פיינד, א שונא, א געגנער.

enepider'mic *a.* (ען-עפ-אי-דויר'-מיק) וואס איז אויף דער הויט; וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף דער הויט [ווי א פלאסטער א. ד. ג.].

energet'ic *a.* (ען אויר-דזשעט'-איק) ענערגיש, קראפטפאל; מיט ווילענס-קראפט; ווירקזאם.

energet'ical *a.* (ען-אויר-דזשעט'-אי-קעל) ז. *energetic*

energet'ically *adv.* (ען-אויר-דזשעט'-אי-קעל-אי) מיט ענערגיע, מיט קראפט.

energet'icalness *n.* (ען-אויר-דזשעט'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ענערגיש; ווירקזאמקייט; ווילענס-קראפט.

energet'ics *n.* (ען-אויר-דזשעט'-איקס) די וויסענשאפט וועגען די געזעצען און ערשיינונגען פון מעכאנישע און פיזישע קרעפטען.

en'ergize *v.* (ענ'-אויר-דזשאיז) מאכען ענערגיש, מאכען קרעפטיג; האנדלען ענערגיש.

en'ergizer *n.* (ענ'-אויר-דזשאי-זער) איינער וואס מאכט ענערגיש; עטוואס וואס איז ווירקזאם.

energu'men *n.* (ען-אויר-גיו'-מען) איינער וואס האט אין זיך א דבוק; א פאנאטישער ענטוזיאסט.

en'ergy *n.* (ענ'-אויר-דזשי) ענערגיע; קראפט; ווילענסקראפט; ווירקזאמקייט; טהעטיגקייט; ווירקונג.

ener'vate *a.* and *v.* (אי-נויר'-וויט) שוואך; אבגעשוואכט; מאכען שוואך; מאכען אבהענטיג.

enerva'tion *n.* (ען-אויר-ווי'-שאן) דאס מאכען שוואך; דאס זיין שוואך; שוואכקייט.

ener'vose *a.* (אי-נויר'-וואוס) אהן נערווען, אהן אדערען [וועגען בלעטער פון פלאנצען].

en famille' (אן פא-מי') אין דער היים; מיט דער פאמיליע; צווישען זיך ריידענדיג.

enfee'ble *v.* (ען-פיע'בל) מאכען שוואך.

enfee'blement *n.* (ען-פיע'בל-מענט) דאס מאכען שוואך; דאס זיין אבגעשוואכט; שוואכקייט.

enfee'bler *n.* (ען-פיע'-בלער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט שוואך.

enfeoff' *v.* (ען-פעף') אימעצען געבען אדער פערקויפען א גוט אין פעאדאלען בעזיץ.

enfeoff'ment *n.* (ען-פעפ'-מענט) דאס געבען אדער פערקויפען א גוט אין פעאדאלען בעזיץ; דאס גוט וואס איז אויף אזא אופן געגעבען אדער פערקויפט געווארען.

enfet'ter *v.* (ען-פעט'-ער) שמידען אין קייטען; פעסעלען.

enfilade' *n.* and *v.* (ען-פי-לייד') א גלייכע ליניע, א גלייכער שטח אדער א גלייכע רייהע, וואס קען אין א גראדער ליניע בעשאסען ווערען; שיסען אין דער לענג אין א גלייכער ליניע.

enfold' *v.* (ען-פאולד') איינוויקלען; ארומנעהמען.

enforce' *v.* (ען-פאורס') אויסדריקען מיט ענערגיע; קלאר מאכען אדער בעווייזען מיט ענערגיע; צווינגען; בעפעסטיגען, פערשטארקען.

enfor'ceable *a.* (ען-פאור'-סעבל) וואס קען געצוואונגען ווערען; וואס קען געצוואונגענערהייט דורכגעפיהרט ווערען.

enforce'ment *n.* (ען-פאורס'-מענט) צוואנג, געוואלט; די בעקרעפטיגונג פון א בעוויז.

enfor'cer *n.* (ען-פאור'-סער) איינער וואס צווינגט.

enfor'cible *a.* (ען-פאור' סיבל) ז. *enforceable*

enfor'est *v.* (ען-פאר'-עסט) פערוואנדלען אין וואלד, לאזען בעוואקסען מיט וואלד.

enfran'chise *v.* (ען-פרענ'-טשיז) בעפרייען; בעפרייען פון שקלאפעריי; אויפנעהמען פאר א בירגער; געבען בירגער-רעכט; געבען שטים-רעכט.

Women desire to be **enfranchised.**

enfran'chisement *n.* (ען-פרענ'-טשיז-מענט) בעפרייאונג; בעפרייאונג פון שקלאפעריי; דאס געבען בירגער-רעכט אדער שטים-רעכט.

enfran'chiser *n.* (ען-פרענ'-טשי-זער) א בעפרייער.

engage' *v.* (ען-גיידזש') 1. פערפפליכטען, פערבינדען; 2. דינגען, בעשעפטיגען; 3. פאנגען, געווינען; 4. אנפאלען; אנגרייפען; זיך פעכטען, זיך שלאגען; 5. זיך אריינלאזען; זיך פערבינדען.

1. I **engaged** to supply him with coal. 2. The factory **engages** 1,000 men. 4. The army **engaged** the enemy. 5. We **engaged** in a lengthy conversation.

engaged' *a.* (ען-גיידזשד') פערלאבט; בעשעפטיגט, פערנומען; אין ארכיטעקטור — טיילווייז איינגעבויט אדער איינגעזונקען אין אן אנדער טייל פון א געביידע [ווי א קאלאנע אדער זייל, וואס איז ווי אויף העלפט איינגעמויערט אין וואנד]; אין מעכאניק — איינגעפאסט איינע אין די אנדערע.

engaged' in a house (ען-גיידזשד' אין ע האוס) אנגעשטעלט אין א געשעפט.

enga'gedly *adv.* (ען-גיי'-דזשעד-לי) לויט דער פערפפליכטונג, לויט די התחיבות פוןביידע צדדים.

engage'ment *n.* (ען-גיידזש'-מענט) די פערפפליכטונג; די פערבינדונג; תנאים; די בעשעפטיגונג; א געפעכט; א שלאכט.

engage'ment ring (ען-גיידזש'-מענט רינג) א פערלאבונגס-רינג.

enga'ger *n.* (ענ-גיי'-דזשער) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט עפּעס אדער בעשעפטיגט דעם אנדערען; איינער וואס פערבינדעט זיך מיט א פערפפליכטונג אדער קאנטראקט; אן ערב.

engage' the atten'tion (ענ-גיידזש' טהי ע-טענ'-שאן) צוציהען די אויפמערקזאמקייט.

enga'ging *a.* (ענ-גיי'-דזשינג) צוציהענד, רייצענד, איינגעהמענד.
He has an **engaging** personality.

enga'gingly *adv.* (ענ-גיי'-דזשינג-לי) אויף א צוציהענדען אדער רייצענדען אופן.

enga'gingness *n.* (ענ-גיי'-דזשינג-נעס) דאס זיין אנציהענד אדער אנגענעהם.

engar'rison *v.* (ען-גער'-איסן) אויסשטעלען א גארניזאן סאלדאטען; שטעלען זיך אין פערטיידיגונגס-צושטאנד.

engen'der *v.* (ען-דזשען'-דער) געבעהרען, ארויסברייננגען; געבארען ווערען, ארויסגעבראכט ווערען; ארויסקומען.

engen'derer *n.* (ען-דזשען'-דער-ער) דער געבעהרער, דער ארויסברייננגער, דער שעפפער.

engild' *v.* (ען-גילד') אבגילדען, בעגילדען.

en'gine *n. and v.* (ענ'-דזשין) א מאשין; א לאקאמאטיוו, א פייער-לעש-מאשין; א ווערקצייג; בעזארגען מיט א מאשין, ארייננשטעלען א מאשין.

en'gine-dri'ver *n.* (ענ'-דזשין-דראי'-ווער) א לאקאמאטיוו-פיהרער, א מאשיניסט פון א לאקאמאטיוו.

engineer' *n. and v.* (ען-דזשי-ניער') אן אינזשינער; א מאשיניסט; איינער וואס מאכט א פלאן אדער סכעמע פון עפּעס; דורכפיהרען; בויען.

engineer'ing *n.* (ען-דזשי-ניער'-אינג) אינזשינער-קונסט, די קונסט פון בויען מאשינען אדער פערשיעדענע סארטען געביידען, ווי הייזער, פעסטונגען, באהנען, בריקען א. ד. ג.; דאס מאכען א גענויען פלאן פון עפּעס.

en'gine-gov'ernor *n.* (ענ'-דזשין-גאוו'-ער-נאר) דער רעגולאטאר פון א דאמפף אדער גאז-מאשין.


Engine-governor

en'gine-house *n.* (ענ'-דזשין האוס) א מאשינען-הויז; א הויז פאר פייער-לעש-מאשינען.

en'gine-man *n.* (ענ'-דזשין-מען) א מאשיניסט; א לאקאמאטיוו-פיהרער.

en'gine-room *n.* (ענ'-דזשין-רוהם) דאס צימער, וואו די מאשינען שטעהען.

en'ginery *n.* (ענ'-דזשין-רי) דאס קענען ארומגעהן ארום ארטילערישע מאשינען אדער הארמאטען; מאשינעריי; א פלאן, א המצאה.

engird' *v.* (ען-גוירד') ארומגארטלען; ארומרינגלען.

engir'dle *v.* (ען-גוירדל') ארומרינגלען, איינשליסען.

Eng'lified *a.* (אינ'-גלי-פאיד) פערענגלייזט.

Eng'lish *a., n. and v.* (אינ'-גליש) ענגליש; ענגלענדער; דאס ענגלישע פאלק; די ענגלישע שפראך; אין דרוקעריי — א געוויסע פארם פון שריפט; מאכען פאר ענגליש, איבערזעצען אין דער ענגלישער שפראך.

Eng'lishable *a.* (אינ'-גליש-עבל) וואס מען קען פערענגלישען, וואס מען קען איבערזעצען אין ענגליש.

Eng'lishman *n.* (אינ'-גליש-מען) אן ענגלענדער; אן ענגלישע שיף.

Eng'lish pale (אינ'-גליש פּייל) דער בעצירק אין דובלין וואו ענגלענדער וואהנען [אין נעגענזאץ צום בעצירק וואו די אירלענדער וואהנען].

Eng'lishwoman *n.* (אינ'-גליש-הוואומ-ען) אן ענגלענדערין.

engorge' *v.* (ען-גאהרדזש') אנפילען; אנזאמלען; אנשטאפּען, אנפרעסען.

engorge'ment *n.* (ען-גאהרדזש'-מענט) דאס אנפילען; דאס אנזאמלען; דאס אנשטאפּען, דאס אנפרעסען.

engrail' *v.* (ען-גרייל') מאכען קארבען; מאכען די ברעגעס מיט ציינהנדלעך אדער שפּיצלעך.

engrain' *v.* (ען-גריין) ז. *ingrain*.

engrave' *v.* (ען-גרייוו') איינגראווירען, גראווירען; איינדריקען.

engra'ver *n.* (ען-גריי'-ווער) א גראווירער, א קופער-שטעכער.

engra'ver of mu'sic (ען-גריי'-ווער אוו מיו'-זיק) איינער וואס גראווירט אויס מוזיק-נאטען.

engra'ving *n.* (ען-גריי'-ווינג) די גראוויר-קונסט; א געגראווירטע פיגור, א גראוויר.

engross' *v.* (ען-גראוס') אין גאנצען פערנעהמען, נעהמען פאלשטענדיג אין גאנצען אין בעזיץ; מאנאפּאליזירען; פערכאפּען די גאנצע קאנטראלע אויף עטוואס; שרייבען אדער איבערשרייבען אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען.

engross'er *n.* (ען-גראוס'-ער) איינער וואס שרייבט איבער א שריפט אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; איינער וואס מאנאפּאליזירט אדער פערכאפּט די גאנצע קאנטראלע איבער א געשעפט אדער אינדוסטריע.

engross'ing-hand *n.* (ען-גראוס'-אינג-הענד) א שעהנע און דייטליכע האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען צום איבערשרייבען פּאפּיערען.

engross'ment *n.* (ען-גראוס'-מענט) דאס מאנאפּאליזירען; דאס פערנעהמען אדער פערכאפּען זאכען אין א גרויסער צאהל; דאס איבערשרייבען א פּאפּיער אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; אן אבשריפט פון א פּאפּיער אין א שעהנער און דייטליכער האנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאבען; דאס זיין פאלשטענדיג פערנומען אין עטוואס.

engross' the conversa'tion (ען-גראוס' טהי קאנ-וואיר-סיי'-שאן) קיינעם ניט לאזען קומען צו ווארט.

engros'sure *n.* (ען-גראוס'-אור) דאס זיין פאלשטענדיג פערנומען אין עטוואס.

engulf' *v.* (ען-גאלף') איינשלינגען [ווי דער אבגרונד];ווארפען אין אבגרונד.

engulf'ment *n.* (ען-גאלפ'-מענט) דאס ווארפען אין אבגרונד; דאס זיין פערשלונגען פון אבגרונד.

enhance' *v.* (ען-הענס') דערהויבען צו א העכערער מדרגה אדער צו א העכערען פונקט; פערגרעסערען אדער העכערען דעם פרייז.

enhance'ment *n.* (ען-הענס'-מענט) די הויבונג, די שטייגערונג, די פערגרעסערונג; די העכערונג פון פרייז.

enhan'cer *n.* (ען-הענ'-סער) א דערהויבער, א שטייגערער; איינער וואס העכערט דעם פרייז.

enharmon'ic *a.* (ען-האר-מאנ'-איק) אין מוזיק — ענהארמאניש; וואס האט אינטערוואלען קלענער אלס א האלבער טאן; וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון איין הארמאנישען טאן-ארט צו אן אנדערען אהן צו בייטען דעם גרונד-טאן-שליסעל.

enharmon'ical *a.* (ען-האר-מאנ'-אי-קעל) ז. *enharmonic*.

enharmon'ically *adv.* (ען-האר-מאנ'-אי-קעל-אי) אויף אן ענהארמאנישען אופן. ז. *enharmonic*.

enhear'ten *v.* (ען-האר'טן) מאכען הארץ, ערמוטיגען, געבען קוראזש.

enhy'dric *a.* (ען-האי'-דריק) וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enhy'drite *n.* (ען-האי'-דראיט) א מינעראל וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enhy'drous *a.* (ען-האי'-דראס) וואס ענטהאלט אין זיך וואסער.

enig'ma *n.* (אי-ניג'-מא) א רעטעניש; אן אונפערשטענדליכע זאך.

enigmat'ic *a.* (אי-ניג-מעט'-איק) ווי א רעטעניש, רעטזעלהאפט; אונדייטליך, אונפערשטענדליך.

enigmat'ical *a.* (אי-ניג-מעט'-אי-קעל) ז. *enigmatic*.

enigmat'ically *adv.* (אי-ניג-מעט'-אי-קעל-אי) אויף א פערשטעלטען אופן; אויף דעם אופן פון א רעטעניש.

enig'matise *v.* (אי-ניג'-מע-טאיז) ז. *enigmatize*.

enig'matist *n.* (אי-ניג'-מע-טיסט) א פערפאסער פון רעטענישען.

enig'matize *v.* (אי-ניג'-מע-טאיז) פערפאסען רעטענישען; ריידען מיט רעטענישען, ריידען פערשטעלט אדער אונפערשטענדליך.

enigmatog'raphy *n.* (אי-ניג-מע-טאג'-רע-פי) די קונסט פון שרייבען רעטענישען.

enigmatol'ogy *n.* (אי-ניג-מע-טאל'-א-דזשי) די קונסט פון פערפאסען רעטענישען און זיי צו לעזען.

enjail' *v.* (ען-דזשייל') פערשפארען אין געפענגניס.

enjoin' *v.* (ען-דזשאין') בעפעהלען, הייסען; פערוועהרען; צווינגען צו עפּעס.
The judge **enjoined** the merchant from infringing on the patent.

enjoy' *v.* (ען-דשאי') געניסען; זיך פרעהען מיט עפּעס; האבען פערגניגען; בעזיצען.

enjoy'able *a.* (ען-דזשאי'-עבל) וואס מען קען געניסען אדער בעזיצען; וואס פערשאפט פערגניגען.
The vacation was very **enjoyable**.

enjoy'er *n.* (ען-דזשאי'-ער) איינער וואס געניסט, בעזיצט אדער פערשאפט פערגניגען.

enjoy'ment *n.* (ען-דזשאי'-מענט) א גענוס, א פערגניגען; דאס בעזיצען עפּעס מיט געפיהל פון צופריעדענהייט.

enkin'dle *v.* (ען-קינ'דל) אנצינדען, אויפפלאקערען, פאנאדערברענען; אויפרעגען.

enlace' *v.* (ען-לייס') איינשליסען, ארומנעהמען אדער בעלעגען מיט שנור-באנד

אדער ווי מיט שנור=באנד; ארומרינגלען, ארומוויקלען, דורכפלעכטען.

enlace'ment *n.* (ען-ליים'-מענט) דאס בעלעגען אדער ארומנעהמען מיט שנור=באנד אדער ווי מיט שנור=באנד; דאס ארומרינגלען.

enlard' *v.* (ען-לארד') בעדעקען מיט פעטס; פרעגלען אויף פעטס; מאכען גרעסער [שטאלץ א. ד. ג.].

enlarge' *v.* (ען-לארדזש') פערגרעסערען, אויסברייטען, אויסדעהנען; פערגרעסערען א פאטאגראפיש בילד; בעפרייען, לויז מאכען, בעפרייען פון בעגרענצונגען; זיך פערגרעסערען, אויסברייטען אדער אויסדעהנען; ברייטליך און גענוי בעשפרעכען עטוואס; איבערטרייבען; אנהאלטען אויף ווייטער, אבלעגען.

enlarged' *a.* (ען-לארדזשד') פערגרעסערט; ברייט; ניט ענג, ניט בעשרענקט, פריידזיניג, ליבעראל.

enlar'gedly *adv.* (ען-לאר'-דזשעד-לי) דורך פערגרעסערונג, אויסברייטונג אדער אויסדעהנונג; דורך בעפרייאונג; מיט אונבעשרענקטקייט; אויף אן אויספיהרליכען אופן [וועגען עפעס רעדען].

enlarged' scale (ען-לארדזשד' סקייל) א פערגרעסערטער מאסשטאב.

enlarged' views (ען-לארדזשד' וויוז) א ברייטער שטאנדפונקט, א ברייטער קוק.
Travel and reading have **enlarged** his **views** of the world.

enlarge'ment *n.* (ען לארדזש'-מענט) פערגרעסערונג, אייסברייטונג, אויסדעהנונג; בעפרייאונג; אונבעשרענקטקייט; אויספיהרליכקייט [אין בעשפרעכען עפעס]; א פערגרעסערטעס פאטאגראפישעס בילד.

enlarge' the mind (ען-לארדזש' טהי מאינד) בערייכערען דעם פערשטאנד, העלפען אויסארבייטען א ברייטערען בליק אויף זאכען.

enlau'rel *v.* (ען-לאה'-רעל) בעקרוינען מיט לארבער=קראנצען.

enlight' *v.* (ען-לאיט') ז. *enlighten*.

enligh'ten *v.* (ען-לאי'טן) בעלייכטען, העל מאכען; אויפקלערען, בילדען.

enligh'tened *a.* (ען-לאי'טנד) אויפגעקלערט, ציוויליזירט, געבילדעט.
The most **enlightened** portion of mankind is found in Europe and America.

enligh'tener *n.* (ען-לאי'טנ-ער) איינער וואס בעלייכט; אן אויפקלערער; איינער וואס בעלערענט אדער בילדעט.

enligh'tenment *n.* (ען-לאי'טנ-מענט) די אויפקלערונג, די בילדונג.

enlink' *v.* (ען-לינק') פערבינדען, צונויפקייטלען.

enlist' *v.* (ען-ליסט') רעגיסטרירען, אריינטראגען אין א ליסטע אדער רייסטער: איינשרייבען אלס סאלדאט אדער מאטראז [הויפטזעכליך אלס פרייוויליגער]; ערווערבען אימעצענס סימפאטיע אדער מיט=טהעטיגקייט פאר א קהל'שער טהעטיגקייט, פאר א בעוועגונג אדער אידעע; פרייוויליג אריינטרעטען אין מיליטער=דיענסט; זיך אנשליסען אן א קהל'שער טהעטיגקייט אדער בעוועגונג; ווערען אן אנהענגער פון אן אידעע.

enlist'ment *n.* (ען-ליסט'-מענט) רעגיסטרירונג, דאס איינשרייבען אדער ווערען איינגעשריבען אין א ליסטע אדער רייסטער: דאס אריינגעהמען אדער דאס פרייווע אריינטרעטען אין מיליטער=דיענסט.

enli'ven *v.* (ען-לאי'וון) בעלעבען, אויפמונטערען.

enli'vener *n.* (ען-לאי'וונ-ער) איינער אדער עטוואס וואס בעלעבט אדער מונטערט אויף.

enli'vening *n.* (ען-לאי'וונ-אינג) בעלעבענדעס, אויפמונטערענדעס.

enli'venment *n.* (ען-לאי'וונ-מענט) בעלעבונג, אויפמונטערונג.

en masse (אן מאס) אלע צוזאמען; די גאנצע מאסע.

enmesh' *v.* (ען-מעש') פערוויקלען, פערפלאנטערען, אריינכאפען אין א נעץ.

enmesh'ment *n.* (ען-מעש'-מענט) דאס אריינכאפען אדער זיין אריינגעכאפט אין א נעץ אדער פאסטקע; א נעץ, א שטריקנעץ, א געפלאכטענע נעץ.

en'mity *n.* (ען'-מי-טי) פיינדליכקייט.

en'nead *n.* (ען'-אי-עד) די צאהל ניין; יעדע סיסטעם אדער גרופע פון ניין בעזונדערע עלעמענטען; אין מאטעמאטיק— א גרופע פון ניין פונקטען אדער ליניען; איינע פון די זעקס אבטיילונגען פון די לעהרען פון אלעקסאנדרישען פילאזאף פלאטין [יעדע אבטיילונג בעשטעהט פון ניין ביכער].

en'neagon *n.* (ען'-אי-ע-גאן) א ניין=קאנטיגע געאמעטרישע פיגור.

enneag'onal *a.* (ען-אי-עג'-א-נעל) אין געאמעטריע — ניין=קאנטיג; וואס איז שייך צו א ניין=קאנטיגער געאמעטרישער פיגור.

enneahe'dral *a.* (ען-אי-ע-הי'-דרעל) אין געאמעטריע — ניין=קאנטיג [וועגען א קערפער].

enneahe'dria *n.* (ען-אי-ע-הי'-דרי-א) א ניין=קאנטיגער געאמעטרישער קערפער.

enneahe'dron *n.* (ען-אי-ע-הי'-דראן) ז. *enneahedria*.

Ennean'dria *n.* (ען-אי-ען'-דרי-א) די מינים פלאנצען, די בליטהען פון וועלכע עס האבען ניין שטויב=פעדים.

enno'ble *v.* (ע-נאו'בל) פערעדלען, בעעהרען, דערהויבען; מאכען פאר אן אדעליגען.
Culture **ennobles** the heart.

enno'blement *n.* (ע-נאו'בל-מענט) פערעדלונג; דערהויבונג; דאס מאכען פאר אן אדעליגען.

enno'bler *n.* (ע-נאו'-בלער) איינער אדער עטוואס וואס פערעדלט אדער דערהויבט.

ennui' *n.* (אנ-הוויע') לאנגווייליגקייט, אומעטיגקייט.

ennuyé' *a. and n.* (אנ-הווי-יעי') געלאנגווייליגט, אומעטיג, איבערזעטיגט [פון פערגניגענס]; איינער וואס לאנגווייליגט זיך, ליידט פון אומעטיגקייט אדער איז איבערזעטיגט [פון פערגניגענס].

enol'ogy *n.* (אי-נאל'-א-דזשי) די קונסט פון מאכען וויין.

enop'tomancy *n.* (ע-נאפ'-טא-מענ-סי) דאס וואהרזאגען אדער דאס טרעפען דורך א שפיגעל.

enor'mity *n.* (אי-נאהר'-מי-טי) אונגעהייערע גרויס; דאס זיין אויסערגעוועהנליך; אבשייליכקייט; שרעקליכקייט; גרויזאמקייט.

enor'mous *a.* (אי-נאהר'-מאס) אונגעהייער, אויסערגעוועהנליך, אבשייליך; שרעקליך; גרויזאם.

enor'mously *adv.* (אי-נאהר'-מאס-לי) אונגעהייער.

enor'mousness *n.* (אי-נאהר'-מאס-נעס) דאס זיין אונגעהייער גרויס.

enough' *n., a., adv. and int.* (אי-נאף') גענוג, גענוגענד, ניש'קשה'דיג, גענוגהייט.

enough' and enough' (אי-נאף' ענד אי-נאף') מעהר ווי גענוג.

enough' and to spare (אי-נאף' ענד טו ספעהר) מעהר ווי גענוג.

enounce' *v.* (אי-נאונס') אויסדריקען, ערקלערען, מאכען אן ערקלערונג; קאנסטאטירען, מאכען א בעהויפטונג.

enounce'ment *n.* (אי-נאונס'-מענט) דאס אויסדריקען [אין ווערטער]; אן ערקלערונג; דאס מאכען אן ערקלערונג; קאנסטאטירונג, בעהויפטונג.

en passant' (אן פא-סאן') פערבייגעהענדיג, מאכענדיג א זייטיגע בעמערקונג.

enrage' *v.* (ען-ריידזש') אויפרייצען, אויפבריינגען, אריינבריינגען אין צארן.

enraged' *a.* (ען-ריידזשד') אויפגערייצט, אין צארן, אויפגעבראכט.

enrapt' *a.* (ען-רעפט') ענטציקט, בעגייסטערט; אין א צושטאנד פון עקסטאז.

enrap'ture *v.* (ען-רעפ'-טשור) ענטציקען, בעגייסטערען; בריינגען אין א צושטאנד פון עקסטאז.

enrich' *v.* (ען-ריטש') בערייכערען; אויסצירען; בעפוצען; מאכען פרוכטבאר.

enrich'er *n.* (ען-ריטש'-ער) איינער וואס בערייכערט, בעציערט אדער מאכט פרוכטבאר.

enrich'ment *n.* (ען-ריטש'-מענט) די בערייכערונג, די אויסציערונג; דאס מאכען פרוכטבאר.

enring' *v.* (ען-רינג') ארומרינגלען, ארומקרייזען; איינשליסען.

enrobe' *v.* (ען-ראוב') בעקליידען, אויסצירען.

enrol' *v.* (ען-ראול') ז. *enroll*.

enroll' *v.* (ען-ראול') איינשרייבען; פעררעגיסטרירען; ארויפבריינגען אויף דער ליסטע; פערשרייבען אין מיליטער=דיענסט.

enroll'er *n.* (ען-ראול'-ער) אן איינשרייבער; איינער וואס רעגיסטרירט אדער וואס בריינגט ארויף אויף דער ליסטע.

enroll'ment *n.* (ען-ראול'-מענט) ז. *enrolment*.

enrol'ment *n.* (ען-ראול'-מענט) דאס איינשרייבען; דאס פעררעגיסטרירען; א רייסטער, א פערצייכניס.

enroot' *v.* (ען-רוהט') איינווארצלען; איינוועבען.

en route (אן רוהט) אויף דעם וועג.

ens *n.* (ענז) א זאך, א וועזען; דאס וואס עקזיסטירט; דאס וואס מען קען אנרופען מיט א נאמען און מען קען וועגען דעם דענקען אדער רעדען.

ensacked' *a.* (ען-סעקט') איינגעפאקט אין א זאק.

ensan'guine *v.* (ען-סענ'-גהווין) פערבלוטיגען, בעפלעקען מיט בלוט; אויספארבען מיט א בלוט=קאליר.

en'sate *a.* (ען'-סייט) וואס האט בלעטער אין דער פארם פון שווערדען [וועגען געוויסע פלאנצען].

ensched'ule *v.* (ען-סקעד'-יול) איינשרייבען אין ליסטע אדער טאבעלע; אויפצייכענען.

ensconce' *v.* (ען-סקאנס') בעשירמען, בעשיצען.

ensem'ble *n.* (אנ-סאמ'בל) דער אנסאמבל, די הארמאנישע פעראייניגונג פון בעזונדערע טיילען אין איין גאנצעס; דער איינדרוק, וועלכען עס מאכט אזא הארמאנישע פעראייניגונג [ווי דאס שפיעלען פון א גאנצען ארקעסטער מוזיקאנטען אדער א גאנצע טרופע פון אקטיארען].

enshield' *a.* (ען-שילד') בעפאנצערט, בעשירעמט, בעשיצט.

enshrine' *v.* (ען-שראין') ארײנלעגען אין א קאסטען אדער ארון [וואו מען האלט הײליגע זאכען]; אבהיטען מיט ליעבע אדער מיט פערהײליגונג.

enshroud' *v.* (ען-שראוד') בעדעקען אין א געריבט-בעװארענעם פלאץ; פערדעקען; ארומהילען.

en'siform *a.* (ען'-סי-פארם) שווערד-פערמיג, ווי א שווערד [זעגען געװיסע פלאנצען-בלעטער אדער קערפער-טײלען בײ חיות].

en'sign *n. and v.* (ען'-סאין) א פאהן, א שטאנדארט, א פלאג; א צײכען, א סימבאל, אן אויסצײכנונגס צײכען; א פאהן-טרעגער; א יונקער; א צווייטער לײטענאנט [אין מיליטער אדער פלאטע]; אויסצײכנען אדער אונטערשײדען דורך א בעזונדערען צײכען [אויף װאפען].

en'sign-bear'er *n.* (ען'-סאין בערר'-ער) א פאהנען-טרעגער.

en'signcy *n.* (ען'-סאין-סי) ז. *ensignship*.

en'signship *n.* (ען'-סאין-שיפ) פאהנען-טרעגעריי; דאס אמט פון א פאהנען-טרעגער.

en'silage *n. and v.* (ען'-סי-לעדזש) א מיטעל צו האלטען פוטער און גרינסען פריש און גרין אין גריבער אדער ספעציעלע געבײדעס וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען; די זאכען וואס ווערען אזוי געהאלטען; האלטען פוטער אדער גרינסען אין גריבער אדער אין ספעציעלע געבײדעס, וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען, כדי זיי זאלען בלייבען פריש און גרין. ז. *silo*.

en'sile *v.* (ען'-סאיל) האלטען פוטער אדער גרינסען אין גריבער אדער אין ספעציעלע געבײדעס, וואו עס קען צו זיי קיין לופט ניט צוקומען, כדי זיי זאלען בלייבען פריש און גרין.

ensky' *v.* (ען-סקאי') ארײנזעצען אין הימעל, מאכען אינשטערבליך.

enslave' *v.* (ען-סלייוו') פערשקלאפען, פערקנעכטען.

ensla'vedness *n.* (ען-סליי'-וועד-נעס) פערשקלאפטקייט, שקלאפעריי.

enslave'ment *n.* (ען-סלייוו'-מענט) פערשקלאפונג, שקלאפעריי.

ensla'ver *n.* (ען-סליי'-ווער) א פערשקלאפער; אן אונטערדריקער, א טיראן.

ensnare' *v.* (ען-סנעהר') ארײנכאפען אין א נעץ; פערנארען דורך ביטרעקיים; פערפירען.

ens of rea'son (ענז אוו ריעזן) א זאך וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך'ן שכל [ווי די פארשטעלונג וועגען גאט].

ensphere' *v.* (ען-ספיער') ארומקרייזען, מאכען קײלעכדיג, אײנשליסען אין א כפערע אדער רונדער זאך.

enstamp' *v.* (ען-סטעמפ') שטעמפלען, אײנדריקען ווי מיט א שטעמפעל; טיעף אײנדריקען.

ensue' *v.* (ען-סיו') פאלגען; נאכפאלגען, קומען שפעטער, קומען אלס פאלגע.

en suite (אן סהווים) וואס נעהט צוזאמען, אין א גאנג [ווי צימערען אדער מעבעל]; וואס בילדעט א גאנג, וואס נעהט צוזאמען [ווי צימערען אדער מעבעל].
There are apartments to be let en suite or singly.

ensure' *v.* (ען-שוהר') ז. *insure*.

enswathe' *v.* (ען-סהווייטה') אײנוויקלען, אײנהילען.

ensweep' *v.* (ען-סוויעפ') דורכפלירען, שנעל פאריבערלויפען.

entab'lature *n.* (ען-טעב'-לע-טשור) אין ארכיטעקטור — דער טייל פון א געבײדע וואס געפינט זיך צווישען די זײלען און דעם דאך.

entail' *v. and n.* (ען-טייל') בעשרענקען דאס ירושה-רעכט אויף לאנד-אײגענטום אזוי, אז דאס אײגענטום זאל קײנמאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; בעשענקען אדער איבערגעבען אייביג, פאר קינדער און קינדס-קינדער; ארויסברײנגען אדער ארויסרופען אלס אומפערמיידליכע פאלגע; מיטברײנגען; פערורזאכען; דאס בעשרענקען ירושה-רעכט אויף לאנד-אײגענטום אזוי, אז דאס אײגענטום זאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; לאנד-אײגענטום אזוי בעשרענקט; לאנד אײגענטום וואס ווערט אוועקגעשענקט צו אײנעם און צו זײנע יורשים נאך זײן טויט.

entai'ler *n.* (ען-טיי'-לער) אײנער וואס גיט איבער בירושה אדער שענקט אוועק לאנד-אײגענטום מיט דער בעדינגונג, אז דאס אײגענטום זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג און זאל קײן מאל ניט קענען פערקויפט ווערען.

entail' expense' (ען-טייל' עקס-פענס') פערורזאכען הוצאות אדער אויסגאבען.

entail'ment *n.* (ען-טייל'-מענט) דאס בעשרענקען דאס ירושה-רעכט אויף לאנד-אײגענטום אזוי, אז עס זאל ניט קענען פערקויפט ווערען און זאל איבערגעהן בירושה אין א געוויסער ארדנונג; דאס איבערגעבען בירושה אדער דאס שענקען מיט אזא בעדינגונג.

entan'gle *v.* (ען-טענ'גל) פערוויקלען, פערפלאנטערען; צומישען, צומישלען; ברײנגען אין פערלעגענהייט; מאכען שוועריגקייטען.
While walking in the woods we became entangled in the bushes.

entan'glement *n.* (ען-טענ'גל-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, פלאנטער; פערלעגענהייט; פעראירונג; צומישונג, צומישעלנייש.

entan'gler *n.* (ען-טענ'-גלער) אײנער וואס פערפלאנטערט, צומישט, צומישעלט אדער ברײנגט אין פערלעגענהייט.

enta'sia *n.* (ען-טיי'-סי-א) א קראנקהייט וואס דריקט זיך אויס אין קאנוואולסיע און ספאזמען פון די מוסקולען.

equa'tion *n.* (אי-קהוויי'-שאן) א מאטעמאטישע גלייכונג, ווי $2+3=5$ אדער אלגעמיין: $a+b-c=d$; אין אסטראנאמיע — אן אויסבעסערונג פון א פעהלער אין וועלכער עס איז פארויסזעצונג אדער אננאהמע; אין כעמיע — די אויפשטעלונג פון א פארמולע פון א כעמישער פערבינדונג דורך די סימבאלישע בעצייכנונגען פון די כעמישע עלעמענטען.

equa'tor *n.* (אי-קהוויי'-טאר) אין געאגראפיע — דער עקוואטאר, דער קרייז, וועלכער טיילט די ערד אויף צוויי גלייכע האלבע קוגלען, דער צפון'דיגער און דרום'דיגער [דער קרייז עקזיסטירט בלויז אין דער פארשטעלונג, ניט אין דער ווירקליכקייט]; אין אסטראנאמיע — דער קרייז פון דער הימלישער ספערע, וועלכער פאלט צוזאמען מיט דעם עקוואטאר פון דער ערד.

equato'rial *a. and n.* (אי-קהוויי-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צום עקוואטאר; אן עקוואטאריאל, א טעלעסקאפ, וועלכער דרעהט זיך צוזאמען מיט דעם גאנג פון א זייגער, כדי צו קוקען אויף די פלאנעטען און זייער בעוועגונג אין דער הימלישער ספערע. ז. *equator*

equato'rially *adv.* (אי-קהווע-טאו'-רי-על-אי) אויף דעם אופן ווי עס בעוועגט זיך אן עקוואטאריאל. ז. *equatorial*

eq'uerry *n.* (עק'-הווע-רי) ז *equery*

eq'uery *n.* (עק'-הווע-רי) א שטאל=מייסטער, אן אויפזעהער אויף פערד.

eques'trian *a. and n.* (אי-קהוועס'-

טרי-ען) וואס געהערט צו א פערד; וואס געהערט צו רייטעריי; וואס קען גוט רייטען; ריטערליך, וואס בעלאַנגט צו די ריטער אדער אדעל פון אלטען רוים; א רייטער, א פאהרער אין א צירק.

eques'trianism *n.* (אי-קהוועס'-טרי-ען-איזם) די קונסט פון רייטען.

equestrienne' *n.* (אי-קהוועס-טרי-ען') א פרוי וואס קען רייטען אויף א פערד; א רייטערין אדער פאהרערין אין א צירק.

equian'gular *a.* (אי-קהוי-ענ'-גיו-לער) גלייכווינקעלדיג, וואס אלע ווינקלען זיינען גלייך [ווענען געאמעטרישע פיגורען].

equidif'ferent *a.* (אי-קהוי-דיפ'-ער-ענט) אין אריפמעטיק — וואס האבען א גלייכען דיפערענץ אדער אונטערשיעד, ווי למשל: 4—6 און 2—4 האבען א גלייכען דיפערענץ — 2.

equidis'tance *n.* (אי-קהוי-דיס'-טענס) דיזעלבינע דיסטאַנץ; א גלייכער מהלך.

equidis'tant *a.* (אי-קהוי-דיס'-טענט) וואס שטעהען אב אויף א גלייכער דיסטאַנץ; גלייך דערווייטערט.

equidis'tantly *adv.* (אי-קהוי-דיס'-טענט לי) אויף דעמזעלבען מהלך.

e'quiform *a.* (אי'-קהווי-פארם) וואס האט דיזעלבינע פארם, גלייך אין פארם.

e'quiformal *a.* (אי'-קהווי-פאר-מעל) ז. ***equiform***

equilat'eral *a. and n.* (אי-קהוי-לעט'-ע-רעל) אין געאמעטריע — גלייכזייטיג; א פיגור, ביי וועלכער אלע זייטען זיינען גלייך.

equilat'erally *adv.* (אי-קהוי-לעט'-ע-רעל-אי) אויף דעם אופן, דאס אלע זייטען זיינען גלייך.

equili'brate *v.* (אי-קהווי-לאי'-ברייט) עקוויליברירען, באלאנסירען האלטען אין גלייכגעוויכט.

equilibra'tion *n.* (אי-קהוי-לאי-ברייי'-שאן) עקוויליבראציאן, דאס באלאנסירען, דאס האלטען אין גלייכגעוויכט.

equili'bratory *a.* (אי-קהוי-לאי'-ברע-טא-רי) וואס האט די נייגונג צו באלאנסירען אדער שטעלען זיך אין גלייכגעוויכט.

equilib'rial *a.* (אי-קהוי-ליב'-רי-על) וואס איז שייך צו עקוויליבראציאן אדער צו דעם האלטען אין גלייכגעוויכט.

equili'brist *n.* (אי-קהוי-לאי'-בריסט) אן עקוויליבריסט, א שטריק-טענצער, אייינער וואס מאכט פערשיעדענע גימנאסטישע קונצען אויף א שטריק.

equilib'rity *n.* (אי-קהוי-ליב'-רי-טי) דאס זיין אין גלייכגעוויכט.

equilib'rium *n.* (אי-קהוי-ליב'-רי-אם) ז. ***equilibrity***

equimul'tiple *n. and a.* (אי-קהווי-מאל'-טיפל) די סומען וואס האבען זיך בעקומען פון דעם, וואס געוויסע צאהלען זיינען גע'כפל'ט געווארען אויף איינער און דערזעלבער צאהל [ווי למשל, די סומען: 48, 32 און 60, וועלכע האבען זיך בעקומען פון 12×4, 8×4 און 15×4]; וואס זיינען בעקומען געווארען דורך כפל'ען אויף אייינער און דערזעלבער צאהל [אויף 4].

e'quine *n. and a.* (אי'-קהוין) א פערד; פערדיש, וואס איז שייך צו פערד.

equinoc'tial *a. and n.* (אי-קהוי-נאַק'-שעל) וואס איז שייך צו דער צייט אדער צום ארט וואו טאג און נאכט זיינען גלייך; די שטורם-ווינדען וואס טרעפען אין דער צייט אדער אין דעם ארט, וואו טאג און נאכט זיינען גלייך.

equinoc'tial flow'ers (אי-קהוי-נאַק'-שעל פלאו'-ערז) א מין בלומען וואס עפענען פאנאנדער און מאכען צו זייערע בלעטלעך רעגולאר אין געוויסע שטונדען.

equinoc'tial line (אי-קהוי-נאַק'-שעל לאין) דער עקוואטאר. ז. ***equator***

equinoc'tially *adv.* (אי-קהוי-נאַק'-שעל-אי) אין דער ריכטונג פון הימלישען עקוואטאר.

equinoc'tial points (אי-קהוי-נאַק'-שעל פאינטס) אין אסטראנאמיע — די צוויי פונקטען, אין וועלכע עס שניידען זיך דורך דער הימלישער עקוואטאר און דער עקליפטיק פון דער זון. ז. ***ecliptic*** און ***equator***

e'quinox *n.* (אי'-קהוי-נאקס) די צייט ווען די נאכט איז גלייך מיט דעם טאג.

equip' *v.* (אי-קהוויפ') עקיפירען, בעקליידען; אויסריכטען; אויסשטאטען מיט געוועהר, בעוואפענען.

eq'uipage *n. and v.* (עק'-הווי-פעדזש) אן עקיפאזש; אן אויסשטאטונג צום פאהרען [ווי פערד, קארעטען א. ד. ג.]; די אויסשטאטונג פון א קריעגס-שיף, די בעוואפנונג פון א שיף; אויסשטאטען מיט אלע נויטיגע זאכען.

equipen'dency *n.* (אי-קהוי-פענ'-דענ-סי) גלייכגעוויכט; דאס ניט אריבערוועגען זיך אדער דאס ניט האבען קיין שטארקערע נייגונג צו איין זאך ווי צו אן אנדער זאך.

equipen'dent *a.* (אי-קהוי-פענ'-דענט) אין באלאנס אדער גלייכגעוויכט; ניט אריבערוועגענד זיך צו קיין זייט.

equip'ment *n.* (אי-קהוויפ'-מענט) די אויסשטאטונג, די אויסריכטונג; די בעוואפנונג.

e'quipoise *n.* (אי'-קהווי-פאיז) גלייכגעוויכט.

equipol'lence *n.* (אי-קהוי-פאל'-ענס) גלייכע מאכט; גלייכער ווערטה פון צוויי אדער עטליכע בעזונדערע זאכען.

equipol'lency *n.* (אי-קהוי-פאל'-ענ-סי) ז. ***equipollence***

equipol'lent *a.* (אי-קהוי-פאל'-ענט) וואס האט דיזעלבינע מאכט אדער דעמזעלבינען ווערטה.

equipon'derance *n.* (אי-קהוי-פאנ'-דער-ענס) גלייכגעוויכט

equipon'derancy *n.* (אי-קהוי-פאנ'-דער-ען-סי) ז. ***equiponderance***

equipon'derant *a.* (אי-קהוי-פאנ'-דער-ענט) וואס האט דיזעלבינע געוויכט; וואס איז אין גלייכגעוויכט.

equipon'derate *v.* (אי-קהוי-פאנ'-דע-רייט) זיין אין גלייכגעוויכט, באלאנסירען; זיין גלייך אין וואג.

equipon'derous *a.* (אי-קהוי-פאנ'-דע-ראס) וואס האט גלייכע וואג, וואס איז גלייך שווער.

equipoten'tial *a.* (אי-קהוי-פא-טענ'-שעל) פון א גלייכען פאטענציאל; פון גלייכער שפאנונג. ז. ***potential***

equiseta'ceous *a.* (עק-הווי-סי-טיי'-שיאס) וואס איז שייך צו דער שאכטעלהאלם אדער פערד-עק-פלאנצע. ז. ***Equisetum***

equise'tic *a.* (עק-הווי-סי'-טיק) וואס איז שייך אדער וואס בעקומט זיך פון די שאכטעלהאלם אדער פערד-עק-פלאנצע. ז. ***Equisetum***

Equise'tum *n.* (עק-הווי-סי'-טאם) דער מין פון די שאכטעלהאלם אדער פערד-עק-פלאנצען [א מין נידריגע פלאנצען-פאמיליע וועלכע בליהען ניט].

e'quisonance *n.* (אי'-קהווי-סא-נענס) אין דער אלטער מוזיק — גלייכקלאנג, גלייכקלאנג אין אקטאווען.

eq'uitable *a.* (עק'-הווי-טעבל) גערעכט, גערעכטיג; אונפארטייאיש; ערענטליך.
The arbitrator gave an equitable decision.

eq'uitableness *n.* (עק'-הווי-טעבל-נעס) ריכטיגקייט, גערעכטיגקייט; אונפארטייליכקייט; ערענטליכקייט.

eq'uitably *adv.* (עק'-הווי-טע-בלי) אויף א גערעכטען אופן; מיט גערעכטיגקייט; אויף אן אונפארטייאישען שטייגער; ערענטליך.

eq'uitancy *n.* (עק'-הווי-טענ-סי) די רייט-קונסט.

eq'uitant *a.* (עק'-הווי-טענט) אריבערגע-בויגען צום פארענט ווי רייטענדיג [ווענען בלעטער פון א פלאנצע]; רייטענדיג.

equita'tion *n.* (עק-הווי-טיי'-שאן) די רייט-קונסט; דאס רייטען.

eq'uites *n.* (עק'-הווי-טיז) די רייטער אדער קאוואלעריע אין דער ארמעע אין אלטען רוים; די אלט-רוימישע ריטער.

eq'uity *n.* (עק'-הווי-טי) גערעכטיגקייט; אונפארטייליכקייט; ערענטליכקייט; דאס משפט'ען לויט יושר און גערעכטיגקייט, וואו דאס געזעץ איז צוליעב זיין אלגעמיינהייט ניט גענוג בעשטימט פאר דעם פאל; א געריכט, וואו עס ווערט גע'משפט ניט לויט דעם געשריבענעם געזעץ, נאר לויט יושר און גערעכטיגקייט; די איבערגעבליבענע סומע פון דעם פערקויף פון א פער'משכון'ט הויז אדער לאנד, וועלכע ווערט איבערגעגעבען צו דעם אייגענטימער נאכדעם ווי מען האט אבגעצאהלט די בעלי חובות זייער טייל.

equiv'alence *n.* (אי-קהוויוו'-ע-לענס) דאס זיין גלייך אין ווערטה; גלייכהייט אין גרויס, אין מאכט, אין נאטור, אין געוויכט א. ד. ג.

equiv'alency *n.* (אי-קהוויוו'-ע-לענ-סי) ז. ***equivalence***

equiv'alent *a., n. and v.* (אי-קהוויוו'-ע-לענט) פון גלייכען ווערטה, פון גלייכער גרויס, פון גלייכער קראפט א. ד. ג.; וואס האט א גלייכע אדער דיזעלבע בעדייטונג; עפעס וואס איז גלייך אין ווערטה; אין כעמיע — אן עקוויוואלענט, אן עלעמענט וואס קען אין א כעמישער פערבינדונג פערנעהמען דעם ארט פון אן אנדער עלעמענט לויט זיין אטאמען-געוויכט [צ. ב.: 28 געוויכטס-טיילען אייזען קענען אין א כעמישער פערבינדונג פערנעהמען דעם פלאץ פון 31,7 געוויכטס-טיילען קופער. 28 געוויכטס-טיילען אייזען זיינען אלזא אן עקוויוואלענט פון 31,7 געוויכטס-טיילען קופער]; מאכען גלייך-ווערטהיג; זיין פאלשטענדיג גלייך.

equiv'alently *adv.* (אי-קהוויוו'-ע-לענט-לי) פון א גלייכען ווערטה, גלייך-ווערטהיג.

equiv'ocal *a. and n.* (אי-קהוויוו'-א-קעל) צווייידייטיג, דאפעלזיניג; צווייפעלהאפט; א ווארט מיט א דאפעלטער בעדייטונג, וואס ווערט געזאגט מיט דעם ציעל אבצונארען, פערדרעהען א מח.

equiv'ocal genera'tion (אי-קהוויוו'-א-קעל דזשענ-ער-איי'-שאן) דאס געבארען ווערען פון. עלטערען, וועלכע זיינען ניט פון דעמזעלבען מין.

equiv'ocally *adv.* (אי-קהוויוו'-א-קעל-אי) אויף א צווייפעלהאפטען אדער צווייידייטיגען אופן.

equiv'ocalness *n.* (אי-קהוויוו'-א-קעל-נעס) צווייידייטיגקייט, א דאפעלטער זין.

equiv'ocate *v.* (אי-קהוויוו'-א-קייט) געברויכען א ווארט אין א דאפעלטען זין; זיך אויסדריקען צווייזייטיג [מיט דעם ציעל אבצונארען].

equivoca'tion *n.* (אי-קהוויוו-א-קיי'-שאן) עקיוואקען, דאס רעדען צווייזייטיג, אז מען זאל עס פערשטעהן אי אזוי, אי אנדערש [מיט דעם ציעל אבצונארען, פערדרערהען דעם קאפ]; אין לאגיק — דער פאלשער שלוס וואס מען קען ציהען פון א ווארט, ווען עס איז צווייזייטיג.
To the honest man equivocation is just as wrong as lying.

equiv'ocator *n.* (אי-קהוויוו'-א-קיי-טאר) איינער וואס רעדט צווייזייטיג, בלב ולב.

equiv'ocatory *a.* (אי-קהוויוו'-א-קיי-טא-רי) וואס ענטהאלט א צווייזייטיגקייט אדער א דאפעלטען זין [מיט דעם ציעל אבצונארען].

eq'uivoke *n.* (עק'-הווי-וואוק) אן עקוי-וואק א צווייזייטיגקייט; דאס רעדען אזוי, אז מען זאל עס פערשטעהן אי אזוי, אי אנדערש.

eq'uivoque *n.* (עק'-הווי-וואוק) ז. *equivoke*.

e'ra *n* (אי'-רא) אן ערא, א צייט-רעכנונג וואס הויבט זיך אן פון א בעשטימטער היסטארישער פאסירונג אדער עפאכע, א בעשטימטע היסטארישע צייט, א צייט-אלטער, אן עפאכע.

era'diate *v.* (אי-רעי'-די-אייט) ארויס-לאזען שטראהלען: שטראהלען, שיינען, גלאנצען.

eradia'tion *n.* (אי-רעי-די-איי'-שאן) דאס ארויסלאזען שטראהלען; דאס שטראה-לען; שיינונג; אבגלאנץ.

erad'icable *a.* (אי-רעד'-אי-קעבל) וואס מען קען אויסווארצלען, אויסראטען, פער-טיליגען אדער פערניכטען.

erad'icate *v.* (אי-רעד'-אי-קייט) אויס-ווארצלען; אויסראטען, פערניכטען, פער-טיליגען. •

eradica'tion *n.* (אי-רעד-אי-קיי'-שאן) אויסווארצלונג, אויסראטונג, פערניכטונג, פערטיליגונג.

erad'icative *a. and n.* (אי-רעד'-אי-קיי-טיוו) וואס ווארצעלט אויס: פערניכ-טענד, אויסראטענד, פערטיליגענד; אין מעדיצין — וואס היילט אין גאנצען אויס, וואס היילט ראדיקאל, וואס היילט פון גרונד אויס; א ראדיקאלער הייל-מיטעל.

e'ra of good feel'ing (אי'-רא אוו גוד פיע'-לינג) אין דער געשיכטע פון די פער-אייניגטע שטאאטען — די פעריאדע פון 1817 ביז 1824 [בעת פרעזידענט מאנ-רא'ס אדמיניסטראציאן], וועלכע צייכענט זיך אויס דערמיט וואס דער פארטיי-קאמפף האט כמעט אין גאנצען אויפגע-הערט.

era'sable *a.* (אי-רעי'-סעבל) וואס קען אויסגעמעקט, אבגעמעקט, אבגעריבען אדער אויסגעקראצט ווערען: וואס קען פערניכ-טעט ווערען, אבגעשאפט ווערען אדער בע-זייטיגט ווערען.

era'ser *n.* (אי-רעי'-סער) איינער אדער עטוואס וואס מעקט אב, רייבט אב אדער קראצט אויס; א מעקער [פון גומי]; א מעסערעל אבצוקראצען דאס געשריבענע.

era'sible *a.* (אי-רעי'-סיבל) ז. *erasable*.

era'sion *n.* (אי-רעי'-זשאן) אויסמעקונג, אבגרייבונג.

era'sure *n.* (אי-רעי'-זשור) דאס אבמע-קען, דאס אברייבען, דאס אויסקראצען; דאס וואס איז אבגעמעקט אדער אויסגע-קראצט געווארען [אין שריפטען]; דער פלאץ, וואו עס איז אבגעמעקט אדער אויס-געקראצט געווארען [א בוכשטאב, א ווארט א. ד. ג.].

ere *prep. and c.* (עהר) בעפאר, פאר; בעפאר, איידער.

Er'ebus *n.* (ער'-ע-באס) אין דער גרי-כישער מיטאלאגיע — ערעבוס, דער פינ-סטערסטער טייל פון גיהנום אדער האדעס: פינסטערניש; פינסטערקייט.

erect' *v. and a.* (אי-רעקט') אויפשטע-לען, אויפשטעלען גלייך, אוועקשטעלען; אויפבויען, גרינדען, בעשאפען; אויפהוי-בען; דערהויבען; צייכנען [א ליניע, א קרייז א. ד. ג.]; זיך אוועקשטעלען גלייך; זיך אויפהייבען; גלייך אוועקגעשטעלט, שטעהענדיג, גערירכטעט ארויף-צו; אויפגע-הויבען; גלייך און פעסט; מוטיג, שטאלץ; אויפמערקזאם, געשפאנט.

erec'table *a.* (אי-רעק'-טעבל) וואס קען אויפגעשטעלט ווערען; וואס קען אויפגע-בויט ווערען; וואס קען אויפגעהויבען ווע-רען; וואס קען זיך אויסציהען און ווערען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erec'ter *n.* (אי-רעק'-טער) ז. *erector*.

erec'tile *a.* (אי-רעק'-טיל) וואס שטעלט זיך אדער הויבט זיך אויף; וואס קען זיך אויסציהען און ווערען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erectil'ity *n.* (אי-רעק-טיל'-אי-טי) די פעהיגקייט זיך אויפצוהויבען, זיך אוועק-שטעלען גלייך אדער אויפגעבויט ווערען; די פעהיגקייט זיך אויסצוציהען און ווע-רען שטייף [וועגען געשלעכטס-ארגאנען].

erec'tion *n.* (אי-רעק'-שאן) אויפשטע-לונג, גלייך-שטעלונג; אויפהייבונג, דער-הייבונג; פערשטייפונג; אויפבויאונג, גרינ-דונג; אויסבילדונג, פארמירונג; דאס וואס ווערט געבויט, א געביידע; ערעקציאן, די אויסציהונג און פערשטייפונג [פון די געשלעכטס-ארגאנען].

erec'tive *a.* (אי-רעק'-טיוו) גלייך-שטע-לענד, אויפשטעלענד, אויפהויבענד.

erect'ly *adv.* (אי-רעקט'-לי) גלייך, אויפ-געשטעלט, אויפגעשטעלט אין דער הויך, שטעהענדיג גלייך.

erect'ness *n.* (אי-רעקט'-נעס) אויפגע-שטעלטקייט; די גלייכקייט; דאס שטעהן גלייך.

erec'tor *n.* (אי-רעק'-טאר) א גרינדער; אן אויפהויבער, אן אויפשטעלער: איינער וואס בויט [געביידעס]; אן אויפהויבונג-מוסקעל [א מוסקעל וואס הויבט אויף, ציהט אויס און מאכט שטייף געוויסע גלי-דער].

erelong' *adv.* (עהר-לאהנג') אין קורצען, באלד.

eremacau'sis *n.* (ער-ע-מע-קאה'-סיס) די לאנגזאמע פערברענונג אדער צופוילונג פון א קערפער.

ere'mic *a.* (ע-רי'-מיק) וואס לעבט אין א זאמדיגער, טרוקענער נעגענד אדער אין א מדבר [הויפטזעכליך וועגען חיות און פייגלען].

er'emite *n.* (ער'-אי-מאיט) אן ערעמיט, איינער וואס לעבט אבגעזונדערט אדער אין א ווילדערניש; א נזיר, א פרוש.

eremit'ic *a.* (ער-אי-מיט'-איק) וואס לעבט אבגעזונדערט פון דער וועלט אדער אין א ווילדערניש; עהנליך צו א נזיר אדער א פרוש; וואס איז שייך צו אן אב-געזונדערטען מענשען, צו א נזיר אדער א פרוש.

eremit'ical *a.* (ער-אי-מיט'-אי-קעל) ז. *eremitic*.

er'emitism *n.* (ער'-אי-מאי-טיזם) דאס זיין א פרוש, א נזיר, דאס זיין אבגעזונ-דערט פון דער וועלט.

er'ethism *n.* (ער'-ע-טהיזם) ערעטהיזם, אויפרעגבארקייט [הויפטזעכליך פון די געשלעכטס-ארגאנען].

erethis'mic *a.* (ער-ע-טהיז'-מיק) וואס איז שייך צו ערעטהיזם [אויפרייצבאר-קייט, הויפטזעכליך פון די געשלעכטס-אר-גאנען].

erethis'tic *a.* (ער-ע-טהיס'-טיק) ז. *erethismic*.

erethit'ic *a.* (ער-ע-טהיט'-איק) וואס איז שייך צו ערעטהיזם: אויפרעגבאר, אויפגערעגט; אונרוהיג. ז. *erethism*.

erg *n.* (אוירג) אן ערג, א — אין פיזיק מאס-איינהייט פאר ארבייט, וואס ווערט בעשטימט דורך דער קראפט וואס ווערט פערווענדעט אויף צו בעוועגען א גראם משא מיט דער שנעלקייט פון איין סענ-טימעטער אין א סעקונדע.

er'go *c.* (אויר'-גאו) פאלגליך, דאריבער [אן אויסדרוק אין לאגיק].

er'gograph *n.* (אויר'-גא-גרעף) אן אינ-סטרומענט צו מעסטען מיעדיגקייט, אויפ-רעגונג א. ד. ג.].

ergom'eter *n.* (אויר-גאמ'-ע-טער) א קראפט-מעסטער, א דינאמאמעטער. ז. *dynamometer*.

er'gon *n.* (אויר'-גאן) ז. *erg*.

er'got *n.* (אויר'-גאט) א הארנגדינגער אנ-וואוקס אויף דעם הינטערשטען טייל פון א פערד'ס פוס איבער דער קאפיטע; מוטערקארן [אזא שוואם-אנוואוקס אויף קארן און אנדערע פלאנצען. ווערט גע-ברויכט אין מעדיצין].

Ergot

er'igible *a.* (ער'-אי-דזשיבל) וואס קען אויפגעשטעלט ווערען, וואס קען אויפגע-הויבען ווערען, וואס קען אוועקגעשטעלט ווערען גלייך.

erina'ceous *a.* (ער-אי-ניי'-שיאס) וואס איז שייך צו אן איגעל [יאזש]; עהנליך צו אן איגעל.

Erioden'dron *n.* (ער-אי-א-דען'-דראן) א מין וואל-בוימער אדער באנוואל-בוימער [וואקסען אין די הייסע לענדער]. די פרוכט פון דיעזע בוימער איז בעדעקט מיט א וואלענארטיגען שטאף וועלכער

ווערט געברויכט פאר קישענס, מאטראַצען א. ד. ג.].

eriom'eter *n.* (ער-אי-אָמ'-ע-טער) אַן אָפּטישער אינסטרומענט צו מעסטען זעהר קליינע קערפּערס.

erl'-king *n.* (אוירל'-קינג) אין דער גערמאַנישער מיטאָלאָגיע — דער ערל-קעניג [אַ טייוועל וואָס הערשט איבער וועלדער, פערנאַרט צו זיך קליינע קינדער און פערמוטשעט זיי].

er'mine *n.* (אויר'-מין) דאָס הערמעלין [אַ קליינע ווילדע חיה, וועמענס פעל ווערט זעהר הויך געשאַצט]; די פעל אָדער פוטערוואַרג פון אַ הערמעלין.

Ermine

er'mined *a.* (אויר'-מינד) געקליידט אין הערמעלין-פוטער. ז. ***ermine***.

erode' *v.* (אי-ראָוד') פאַנאַנדערעסען, צופרעסען, אויסעסען, אויסנאָגען, זשאַווערען. ראָסטען.

The action of the air will in time erode iron.

ero'ded *a.* (אי-ראָו'-דעד) וואָס קוקט אויס ווי אויסגעגעסען, פערזשאַווערט אָדער פערראָסט.

ero'dent *n.* (אי-ראָו'-דענט) אַ מיטעל אָדער רפואה וואָס עסט אויס אָדער נאָגט אויס.

ero'dible *a.* (אי-ראָו'-דיבל) וואָס קען אויסגעגעסען, פערזשאַווערט אָדער פערראָסט ווערען.

E'ros *n.* (אי'-ראָס) אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע — עראָס, דער גאָט פון ליעבע; אין אַסטראָנאָמיע — איינע פון די קליינע פּלאַנעטען צווישען מאַרס און יופּיטער.

erose' *a.* (אי-ראָוז') אויסגעקאַרבט, אויסגענעגט [בנוגע צו בלעטער אָדער פליגלען פון אינזעקטען, ביי וועלכע די ברעגעס זיינען ניט גלאַט ארומגעשניטען, נאָר געקאַרבט].

ero'sion *n.* (אי-ראָו'-זשאָן) די אויסעסונג, די צופרעסונג, די צונאָגונג, דאָס פערזשאַווערט אָדער פערראָסט ווערען.

ero'sive *a.* (אי-ראָו'-סיוו) אויסעסענד, צופרעסענד, צונאָגענד; וואָס ווירקט עס זאָל פערזשאַווערט אָדער פערראָסט ווערען.

erot'ic *a. and n.* (ע-ראָט'-איק) וואָס איז שייך צו ליעבע; אַ פּאָעמאַ אָדער געדיכט וועגען ליעבע.

erot'ical *a.* (ע-ראָט'-אי-קעל) ז. ***erotic***

erotoma'nia *n.* (ע-ראָו-טאָ-מיי'-ני-אַ) עראָטאָמאַניע, אַ גייסטיגע קראַנקהייט אָדער מעלאַנכאָליע וואָס נעהמט זיך פון דעם, וואָס אַלע נערווען און געפיהלען פון חולה זיינען קאָנצענטרירט אויף ליעבע.

erotoma'niac *n.* (ע-ראָו-טאָ-מיי'-ני-אַק) איינער וואָס ליידט פון עראָטאָמאַניע. ז. ***erotomania***

erotom'any *n.* (ער-אָ-טאָמ'-ע-ני) ז. ***erotomania***

erpetolog'ical *a.* (אויר-פּע-טאָ-לאָדזש'-אי-קעל) וואָס געהערט צו דער לעהרע איבער די רעפּטילען אָדער קריכעדיגע טהיערע.

erpetol'ogist *n.* (אויר-פּע-טאָל'-אָ-דזשיסט) אַן ערפּעטאָלאָגיסט, אַ קענער פון דער וויסענשאַפט איבער די קריכעדיגע טהיערע.

erpetol'ogy *n.* (אויר-פּע-טאָל'-אָ-דזשי) ערפּעטאָלאָגיע, די לעהרע וועגען די רעפּטילען אָדער קריכעדיגע טהיערע.

err *v.* (אויר) אירען, בלאָנדזשען, זיך פּעראירען; אָבוויכען; זיך אירען, האָבען אַ טעות.

To err is human, to forgive is divine.

er'rancy *n.* (ער'-ען-סי) דאָס אירען, דאָס פערבלאָנדזשען, דאָס אריינפאַלען אין אַ טעות; דאָס אָפּטע בייטען די מיינונגען.

er'rand *n.* (ער'-ענד) אַ שליחות, אַן אויפטראַג; אַ מאַנדאַט; אַ גאַנג.

The boy was sent on an errand.

er'rand-boy *n.* (ער'-ענד-באָי) אַ לויף-אינגעל, אַ שיק-אינגעל; אַ אינגעל אויף פערשיעדענע גענג און שליחות.

er'rant *a.* (ער'-ענט) אַי-וואַנדערענד; אירענד, בלאָנדזשענד; מאַכענד אַ טעות; אָראָבגעהענד פון דרך הישר.

er'rantry *n.* (ער'-ענט-רי) וואַנדערשאַפט, דאָס וואַנדער-לעבען; דאָס זיין אַ וואַנדערער.

erra'ta *n.* (ע-ריי'-טע) דרוק-פעהלערען, אַ פערצייכניס פון דרוק-פעהלערען.

errat'ic *a. and n.* (ע-רעט'-איק) אירענד, וואָס בלאָנדזשעט; אונרעגעלמעסיג, וואָס בעוועגט זיך ניט אין אָרדנונג; אַ וואַנדערער, אַ בראָדיאַגע; ניט קיין געשטעלטער מענש.

errat'ical fe'ver (ע-רעט'-אי-קעל פי'-ווער) קדחת, וואָס כאַפּט אָן אונרעגעלמעסיג.

errat'ically *adv.* (ע-רעט'-אי-קעל-אי) אויף אַן אונרעגעלמעסיגען שטייגער; אָהן אַ סדר.

erra'tum *n.* (ע-ריי'-טאָם) אַ דרוק-פעהלער אין אַ שריפט אָדער בוך.

er'rhine *a. and n.* (ער'-אין) ווירקענד אויף דער נאָז; אַ מיטעל צום ניסען.

er'ringly *adv.* (אויר'-אינג-לי) בלאָנדזשענדיג, לאָזענדיג זיך פערפיהרען.

erro'neous *a.* (ע-ראָו'-ני-אָס) אירענד; ניט ריכטיג, פעהלערהאַפט.

erro'neously *adv.* (ע-ראָו'-ני-אָס-לי) על פי טעות.

erro'neousness *n.* (ע-ראָו'-ני-אָס-נעס) ניט-ריכטיגקייט, פעהלערהאַפטיגקייט.

er'ror *n.* (ער'-אָר) אַן אירטום, אַ טעות, אַ פערזעהען; אַ זינד.

er'ror in fact (ער'-אָר אין פעקט) אַ טעות וועגען דעם פאַקט [ווי למשל, ווען אַ ריכטער משפט אַ מינדעריעהריגען אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ דערוואַקסענער].

Erse *n. and a.* (אוירס) די קעלטישע אָדער אירלאַנדישע שפּראַך וואָס ווערט געברויכט אין געוויסע געגענדען פון שאָטלאַנד; וואָס איז שייך צו דער קעלטישער שפּראַך אין אירלאַנד און שאָטלאַנד.

ersh *n.* (אוירש) אַן אויפגעאַקערט פעלד; דאָס גראָז וואָס וואַקסט אָב אויף'ן פעלד אַ צווייטען מאָל אין דעמזעלבען סעזאָן.

erst *adv.* (אוירסט) ראשית, צוערשט; אַ מאָל; פריהער, מיט אַ צייט צוריק.

erubes'cence *n.* (ער-או-בעס'-ענס) רויטקייט; דאָס רויט ווערען [פון כעס אָדער שעמעוודיגקייט].

erubes'cency *n.* (ער-או-בעס'-ען-סי) ז. ***erubescence***

erubes'cent *a.* (ער-או-בעס'-ענט) רויט אָדער רויטליך; רויט ווערענד [פון שעמען זיך].

eruc'tate *v.* (אי-ראָק'-טייט) גרעפּסען, שלוקערצען.

eructa'tion *n.* (אי-ראָק-טיי'-שאָן) דאָס גרעפּסען; דאָס שלוקערצען.

er'udite *n. and a.* (ער'-או-דאַיט) אַ בקי, איינער וואָס איז פיעל בעלעזען און בעלערענט; מיט ערודיציאָן; וואָס איז פיעל בעלעזען; וואָס האָט אַ טיעפע קענטניס פון עפּעס.

er'uditely *adv.* (ער'-או-דאַיט-לי) דורך בקיאות, דורך טיעפע קענטניס פון דער זאַך.

er'uditeness *n.* (ער'-או-דאַיט-נעס) דאָס זיין אַ בקי; דאָס בעזיצען אַ טיעפע קענטניס פון עפּעס.

erudi'tion *n.* (ער-או-דיש'-אָן) ערודיציאָן, געלעהרזאַמקייט, בקיאות; טיעפע קענטניס פון אַ זאַך.

eru'ginous *a.* (אי-רו'-דזשי-נאָס) ז. ***æruginous***

erupt' *v.* (אי-ראָפּט') מאַכען פּלאַצען; אויפרייסען, פלוצים צופּלאַצט אָדער צורעצט ווערען.

erup'tion *n.* (אי-ראָפּ'-שאָן) 1. אַן אויסרייסונג, אַן אויסברוך [ווי פון אַ וואולקאַן]; 2. אַן אויספּאַל; אַן אויסשלאַג, אַן אויסשיטונג אויף'ן לייב.

1\. The volcano is in eruption.. 2. The patient has an eruption on her face.

erup'tional *a.* (אי-ראָפּ'-שאָנ-על) וואָס איז שייך צו אַן אויפרייסונג אָדער אויסברוך.

erup'tive *a. and n.* (אי-ראָפּ'-טיוו) וואָס רייסט אויף, וואָס ברעכט אויס; פערבונדען מיט אַן אויסשלאַג; אין געאָלאָגיע — אַ פעלזען אָדער אַ מינעראַל וואָס האָט זיך בעקומען דורך אַן אויפרייסונג פון אַ פייערשפּייענדען באַרג אָדער דורך ערד-ציטערניש.

erup'tively *adv.* (אי-ראָפּ'-טיוו-לי) דורך אַן אויפרייסונג.

erup'tiveness *n.* (אי-ראָפּ'-טיוו-נעס) דאָס אויפרייסען, דאָס צושפּרינגען.

Eryn'gium *n.* (אי-רינ'-דזשי-אָם) דאָס בלוי-קעפּעל [אַ מין ברייט גראָז מיט ווייס-בלויע בליטהען. וואַקסט אין די וואַרעמע לענדער].

eryn'go *n.* (אי-רינ'-גאָו) ז. ***Eryngium***

erysip'elas *n.* (ער-אי-סיפּ'-ע-לעס) אַ רויז, אַ רויטליכע ענטצינדונג פון דער הויט.

erysipel'atous *a.* (ער-אי-סי-פּעל'-ע-טאָס) וואָס איז ווי די ענטצינדונג פון דער הויט; עהנליך צו אַ רויז אויף'ן פּנים.

erysip'eloid *n.* (ער-אי-סיפּ'-ע-לאָיד) אַן אַנשטעקיגע הויט-ענטצינדונג.

erythe'ma *n.* (ער-אי-טהי'-מאַ) די עריטעמאַ, אַ רויטע ענטצינדונג פון דער הויט.

erythemat'ic *a.* (ער-אי-טהי-מעט'-איק) וואָס איז שייך צו אַן עריטעמאַ אָדער הויט-ענטצינדונג.

eryth'roscope *n.* (ע-ריטה'-ראָ-סקאָופּ) אַן אָפּטישער אינסטרומענט, וועלכער ווערט בענוצט צו אונטערזוכען די ליכט-

שטראהלען, וואס פאלט אדער שיינען אב פון בעזונדערע קערפער.

erythro'sis *n.* (ער-אי-טהראו'-סיס) אין מעדיצין — פולבלוטיגקייט; א קראנקהייט וואס ווערט פערארוזאכט פון צופיעל בלוט אדער זאפט.

escalade' *n. and v.* (עס-קיי-לייד') דאס קלעטערען אויף לייטערס; דאס ארויפקלעטערען פון סאלדאטען מיט דער הילף פון לייטערס אויף א פעסטונגס-וואנד; אריבערקלעטערען מיט דער הילף פון א לייטער.

escala'der *n.* (עס-קיי-ליי'-דער) איינער וואס קומט אריין אין א בעפעסטיגטען ארט דורך דער הילף פון א לייטער.

escala'tor *n.* (עס-קיי-ליי'-טאר) א בעוועגליכע טרעפ.

escal'lop *n. and v.* (עס-קעל'-אפ) די קאם-מושעל [א מאלוסקעל וואס האט א וועלען-פערמיגע אדער רונד-געקארבטע מושעל]; אזא פאן אין וועלכער איסטערען ווערען געבראטען; א רונד-געצאקטער אדער וועלען-פערמיגער ברעג אדער זוים; קאכען אדער באקען אין אן איסטערען-פאן; מאכען א וועלען-פערמיגען אדער רונד-געצאקטען זוים אדער ברעג.

escal'lop-shell *n.* (עס-קעל'-אפ-שעל) א רונד-געקארבטע אדער וועלען-פערמיגע מושעל [אזא מושעל אדער דער צייכען פון אזא מושעל אויף'ן שילד פלעגען טראגען די פילגרימען אדער וואנדערער צו די הייליגע ערטער אין די אמאליגע צייטען].

Escallop-shell

escal'op *n.* (עס-קעל'-אפ) ז. *escallop*

esca'pable *a.* (עס-קיי'-פעבל) וואס קען אנטלויפען אדער אנטרינען; וואס קען ארויסלויפען אדער אויסשטראמען; וואס קען פערמידען ווערען.

escapade' *n.* (עס-קיי-פייד') א ווילדער שפרונג פון א פערד; א שטרייך, א שטוקע א ווילדע אדער נארישע שטיפעריי.

escape' *v. and n.* (עס-קייפ') אוועקפליהען, אנטלויפען; זיך ראטעווען, מאכען פליטה; אנטרינען; ארויסלויפען, אויסשטראמען; פערמיידען; די פליטה; דאס ראטעווען זיך; דאס אנטלויפען; דאס אויסלויפען אדער אויסשטראמען.

escape'-lad'der *n.* (עס-קייפ'-לעד'-ער) א רעטונגס-לייטער.

escape'ment *n.* (עס קייפ'-מענט) דער מעכאניזם פון א זייגער וואס רעגולירט זיין גאנג.



Escapment

escape'ment wheel (עס-קייפ'-מענט-הוויעל) דאס העמונגס-ראד אדער שטייג-ראד [דאס רעדעל פון א זייגער וואס רעגולירט דעם גאנג].

escape' no'tice (עס-קייפ' נאו'-טיס) ניט בעמערקט ווערען.

Excuse me, your presence in the room escaped my notice.

escape' one's mem'ory (עס-קייפ' מעמ'-א-רי) הוואנז אימעצען ארויס פון זינען.

These facts entirely escaped my memory.

esca'per *n.* (עס-קיי'-פער) איינער וואס אנטלויפט אדער ראטעוועט זיך.

escape' scot'-free (עס-קייפ' סקאט'-פרי) אויסדרעהען זיך אונבעשטראפט.

escape' the lips (עס-קייפ' טהי ליפס) זיך ארויסגליטשען [א ווארט] פון מויל.

escape'-valve *n.* (עס-קייפ'-וועלוו) דער ארויסלאז-ווענטיל [דער ווענטיל פון צילינדער אין א דאמפף-מאשין וואס לאזט ארויס דעם אבגעקיהלטען דאמפף].

escarp' *v. and n.* (עס-קארפ') מאכען משופע'דיג [ווענען פון פעסטונגס-ווערק]; די זייט פון א פעסטונגס-גראבען, וועלכע ליגענט נאהנט צו דער פעסטונגס-וואנד וואס ווערט פון גראבען ארומגערינגעלט.

escarp'ment *n.* (עס-קארפ'-מענט) די משופע'דיגע זייט פון א בערגעל אדער א פעלזענשטיין; דער גראבען ארום א פעסטונגס-וואנד.

eschalot' *n.* (עש-א-לאט') א זארט קליינע ציבעלע.

es'char *n.* (עס'-קאר) א קרעסט אויף דער הויט, ווי עס בילדעט זיך פון א בראנד-וואונד א. ד. ג.

escharot'ic *a. and n.* (עס-קע-ראט'-איק) וואס קען צושטערען דאס פלייש-געוועב און בילדען א קרעסט; א מיטעל וואס צושטערט אדער צוברענט דאס פלייש-געוועב.

eschatolog'ic *a.* (עס-קיי-טא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דעם טייל פון רעליגיאן וואס בעשעפטיגט זיך מיט תחית המתים, מיט השארת הנפש, מיט דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד לבוא א. ד. ג.

eschatolog'ical *a.* (עס-קיי-טא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *eschatologic*

eschatol'ogist *n.* (עס-קיי-טאל'-א-דזשיסט) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דעם טייל פון רעליגיאן וואס בעהאנדעלט תחית המתים, השארת הנפש, דעם גרויסען יום הדין, מיט לעתיד לבוא א. ד. ג.

eschatol'ogy *n.* (עס-קיי-טאל'-א-דזשי) דער טייל פון רעליגיאן וואס בעשעפטיגט זיך מיט תחית המתים, מיט השארת הנפש, מיט דעם גרויסען יום הדין, מיט דעם לעתיד לבוא א. ד. ג.

escheat' *n. and v.* (עס-טשיעט') דאס אריינפאלען פון לאנד אדער גיטער צוריק אין די הענד פון דעם לאנד-הערר אדער שטאאט צוליעב דעם טויט פון רענטע-צאהלער וואס האט ניט געלאזען קיין יורשים; דער בעצירק אין ענגלאנד וואו דער לאנד-הערר אדער דער קעניג איז בערעכטיגט צו די גיטער פון וועלכע דער רענטע-צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען; א דאקומענט וואס ענטהאלט דאס רעכט אויף אזעלכע גיטער; דער גוט אדער בעזיץ וואס איז אזא רעכט אונטערווארפען; אריינפאלען צוריק [ווענען גיטער] אין די הענד פון לאנד-הערר אדער שטאאט, ווען דער רענטע-צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען; קאנפיסקירען א גוט אדער א בעזיץ.

eschea'table *a.* (עס-טשיע'-טעבל) וואס איז אונטערווארפען דעם רעכט אריינצופאלען צוריק אין די הענד פון לאנד-הערר אדער פון שטאאט, ווען דער רענטע-צאהלער איז געשטארבען און האט קיין יורשים ניט געלאזען [ווענען א גוט אדער בעזיץ]; וואס קען אבגענומען ווערען פאר'ן שטאאט.

eschea'tage *n.* (עס-טשיע'-טידזש) דאס רעכט אויף א גוט אויף וועלכען עס געפינען זיך ניט קיין יורשים.

eschea'tor *n.* (עס-טשיע'-טאר) דער בעאמטער [אמאל אין ענגלאנד] וואס האט געהאט צו טהאן מיט גיטער, וואס האבען ניט קיין יורשים, אום זיי צוצונעהמען פאר'ן שטאאט.

eschea'torship *n.* (עס-טשיע'-טאר-שיפ) דאס אמט אמאל אין ענגלאנד פון א רעגיערונגס-אנגעשטעלטען, וואס האט געהאט צו טהאן מיט גיטער, וועלכע האבען ניט קיין יורשים, אום זיי צוצונעהמען פאר'ן שטאאט.

eschew' *v.* (עס-טשו') אויסמיידען, שטעהן פון ווייטען, אויסווייכען.

In a discussion we should eschew personalities.

Eschscholt'zia *n.* (ע-שאולט'-סי-א) א מין שעהנע ווילדע מאהן-פלאנצען מיט שעהנע געלבע בלומען [וואקסט אם מייסטען אין קאליפארניען און אין דער אומגעגענד].

esclan'dre *n.* (עס-קלענ'-דער) א רוה-שטערונג; אן אורזאכע פאר א סקאנדאל; א סצענע.

esclavage' *n.* (עס-קלא-וואזש') אן אלט-מאדישער, שווערער פרויען-האלזבאנד.

escopet' *n.* (עס-קא-פעט') א האנד-ביקס [אזא קורצע ביקס].

escopette' *n.* (עס-קא-פעט') ז. *escopet*

escort' *v.* (עס-קאהרט') 1. בעגלייטען; 2. בעשיצען אדער בעוואכען [אויף א רייזע].

1. He is escorting his wife to the store.

es'cort *n.* (עס'-קאהרט) 1. אן עסקארט, בעגלייטונג; 2. בעגלייטונג מיט דעם צוועק צו בעשיצען [ווי פון סאלדאטען אדער פון א שיף]; 3. עהרען-וואך; בעגלייטער, בעשיצער, וואך [אויף א רייזע].

2. The President travels with an escort.

escritoir' *n.* (עס-קרי-טואר') ז. *escritoire*

escritoire' *n.* (עס-קרי-טואר') א שרייב-געצייג, א שרייב-טיש; א סעקרעטאר.

escrow' *n.* (עס-קראו') דאס איינלעגען א געזעצליכען דאקומענט ביי א שליש [ווען דער דאקומענט קען אריין אין קראפט בלויז אונטער געוויסע בעדינגונגען]; אזא דאקומענט; דאס האלטען אזא דאקומענט.

es'cuage *n.* (עס'-קיו-עדזש) א מיליטערישער שטייער, וואס מען פלעגט צאהלען אין מיטעלאלטער אנשטאט צו געהן אין מיליטער-דיענסט.

Escula'pian *n. and a.* (עס-קיו-ליי'-פי-ען) דער גאט פון מעדיצין אין דער גריכישער מיטאלאגיע; א מעדיצינער; וואס איז שייך צו דער הייל-קונסט אדער צו א מעדיצינער. ז. *Æsculapian*

es'culent *a. and n.* (עס'-קיו-לענט) עסבאר; וואס מען קען עסען; וואס ברייננט ארויס אדער שאפט אן עסבארען פראדוקט; עטוואס וואס מען קען עסען; גרינסען וואס מען קען געברויכען אלס שפייזען [הויפטזעכליך געקאכטערהייד].

escutche'on *n.* (עס-קאטש'-אן) א שילד מיט הערבען; א הערב; די שילד אויף א שיף מיט דעם נאמען פון דער שיף; א בלעכעל איבער דער שליסעל-לאך אדער ביי דער עפנונג [פון א טהיר].

escutche'oned *a.* (עס-קאטש'-אנד) וואס טראגט א שילד; בעדעקט מיט א הערב אדער א שילד; בעדעקט מיט איינגעקריצטע פיגורען.

es'kar *n.* (עס'-קאר) אין געאלאגיע — א שיכט זאמד צווישען אייז-בערג אין גלעטשערס.

es'ker *n.* (עס'-קער) ז. *eskar*

Es'kimo *n. and a.* (עס'-קי-מאו) אן עסקימאס, איינער פון די האלב־ווילדע איינוואוינער פון די קאלטע געגענדען פון נארד־אמעריקא און פון גרענלאנד; וואס איז שייך צו די עסקימאסען.

esoc'iform *a.* (ע-סאס'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א העכט; ענליך צו א העכט.

es'ocoid *a. and n.* (עס'-א-קאיד) וואס איז שייך צו העכט; א העכט.

esod'ic *a.* (ע-סאד'-איק) אין פיזיאלא־גיע — וואס גיבען איבער די איינדריקע צום מארך [וועגען געוויסע נערוועז].

esoph'agus *n.* (אי-סאפ'-ע-גאס) דער שלונד, דער שפייז־רעהר [דער רעהר, דורך וועלכען די שפייז געהט אין מאגען].

esoter'ic *a.* (עס-א-טער'-איק) עזאטע־ריש, געהיים; וואס ווערט נאר געלערענט מיט וועניגע פערזאנען [וואס מען איז מגלה ליחידי סגולה].

esoter'ical *a.* (עס-א-טער'-אי-קעל) ז. *esoteric*.

esoter'ically *adv.* (עס-א-טער'-אי-קעל-אי) אין א געהיימען אופן, ניט ארויסגע־בענדיג פאר אלעמען [וועגען געוויסע לעהרען אין די אמאליגע צייטען].

esoter'icism *n.* (עס-א-טער'-אי-סיזם) עזאטעריזם, די לעהרען וואס פלעגען אי־בערגעגעבען ווערען נור צו יחידי סגולה און ניט פאר אלעמען; די איבערגעגעבענ־הייט צו קבלה אדער סתרי־תורה.

esoter'ics *n.* (עס-א-טער'-איקס) געהיי־מע לעהרען, סתרי תורה [ווי קבלה].

es'oterism *n.* (עס'-א-טער-איזם) ז. *esotericism*.

es'oterist *n.* (עס'-א-טער-איסט) אן עזא־טעריסט, איינער וואס לערענט סתרי־תורה.

espal'ier *n.* (עס-פעל'-יער) א בוימער־גראטע אדער א שוץ־געלענדער פון ארומ־געשטעלטע בוימער איינע לעבען די אנ־דערע.

espar'to *n.* (עס-פאר'-טאו) א מין גראז וואס וואקסט אין זאמדיגע ערטער [אין צפון־אמעריקא].

Esparto-grasses

espe'cial *a.* (עס-פעש'-על) ספעציעל, בע־זאנדערס; וואס איז ניט גלייך צו אנדע־רע פון זיין מין; הויפטזעכליך.

espe'cially *adv.* (עס-פעש'-על-אי) בע־זאנדערס, הויפטזעכליך.

espi'al *n.* (עס-פאי'-על) די אויסשפיא־נירונג, די ענטדעקונג פון א געהיימניס.

es'pionage *n.* (עס'-פי-א-נעדזש) שפיא־נעריי.

esplanade' *n.* (עס-פלע-נייד') אן עס־פלאנאדע, אן אפענער פלאץ נעבען א גע־בייידע; דער אפענער פלאץ צווישען א פעסטונג און דער שטאדט.

espou'sal *n. and a.* (עס-פאו'-זעל) א תנאים; א האכצייט; וואס געהערט צו האכצייט.

espouse' *v.* (עס-פאוז') 1. הייראטען, חתונה האבען; מאכען תנאים; 2. פערטיי־דיגען, בעשיצען.

2. The editor **espouses** the cause of woman suffrage.

espou'ser *n.* (עס-פאו'-זער) דער וואס מאכט תנאים אדער פערהייראט; א פער־טיידיגער, א שיצער.

esprit' *n.* (עס-פרי') גייסט; וויץ; גע־שיקטקייט אין ריידען.

esprit' de corps (עס-פרי' דע קאהר) דער גייסט אדער דאס געפיהל פון קאמע־ראדשאפט אדער חבר'שאפט.

The employees in the business show an **esprit de corps**.

espy' *v.* (עס-פאי') אויסשפיאנירען; אויספארשען, ענטדעקען; דערזעהן פון ווייטען; פלעצליך דערזעהן; דערקענען.

Esq. *Esquire* אן אבקירצונג פון ווארט *Esquire* [ווערט געשריבען נאך'ן נאמען פון א פערזאן אלס העפליכקייטס־טיטעל].

Es'quimau *n.* (עס'-קי-מאו) ז. *Eskimo*.

esquire' *n.* (עס-קהוואיר') אן עסקווייר, א יונקער [א טיטעל פאר אדעליגע וואס איז נידריגער ווי "ריטער"]; א קאווא־ליער, א מאנספערזאן וואס בעדיענט אדער בעגלייט א דאמע אויף א באל א. ד. ג.

esquisse' *n.* (עס-קיס) אן עסקיז, א סקיצע.

es'say *n.* (עס'-איי) א פערזוך, א פראבע; אן עסיי, א קורצע און ניט קיין גאנץ סיס־טעמאטישע וויסענשאפטליכע אדער ליטע־ראַרישע אבהאנדלונג.

essay' *v.* (ע-סיי') פערזוכען, פראבירען, מאכען א פראבע.

essay'er *n.* (ע-סיי'-ער) איינער וואס פראבירט אדער מאכט א פראבע.

es'sayish *a.* (עס'-איי-איש) וואס האט דעם כאראקטער פון א פראבע.

es'sayist *n.* (עס'-איי-איסט) אן עסיי־שרייבער, א שרייבער פון קורצע און ניט גאנץ סיסטעמאטישע וויסענשאפטליכע אדער ליטעראַרישע אבהאנדלונגען.

essayis'tic *a.* (עס-איי-איס'-טיק) וואס איז שייך צו אן עסיי אדער אן עסיי־שריי־בער. ז. *essayist*.

es'sence *n. and v.* (עס'-ענס) דער עסענץ; דער תמצית; דער עקסטראקט; דער עיקר; דאס וועזען; דער שטאף; דער גייסט; א גערוך, א ריח; פארפיום; פארפיומירען.

es'sence of hon'or (עס'-ענס או אנ'-אר) א מוסטער פון עהרע.

Essenes' *n.* (ע-סינז') די איסיים אדער די עסייער [א געוויסע אידישע סעקטע אמאל אין ארץ ישראל אין דער צייט פון חורבן בית שני, פון וועלכער די מיטגליע־דער האבען געפיהרט אן ארט אסקעטישען און קאמוניסטישען לעבען און האבען זעהר שטרענג אבגעהיט די דינים פון טהרה].

Esse'nian *a.* (ע-סי'-ני-ען) וואס איז שייך צו די איסיים אדער עסייער. ז. *Essenes*.

Esse'nism *n.* (ע-סי'-ניזם) די פרינצי־פען פון די איסיים אדער עסייער. ז. *Essenes*.

essen'tial *a. and n.* (ע-סען'-שעל) הויפטזעכליך, וועזענטליך, פונדאמענטאל, וויכטיג; וואס איז דער תמצית אדער דער עסענץ; א פונדאמענטאלער אדער הויפט־זעכליכער פרינציפ.

essential'ity *n.* (ע-סען-שי-על'-אי-טי) די וועזענטליכקייט, הויפטזעכליכקייט.

essen'tially *adv.* (ע-סען'-שעל-אי) ווע־זענטליך, הויפטזעכליך; אין תוך, אין תמצית; פונדאמענטאל; אויף א וועזענט־ליכען אופן.

essen'tialness *n.* (ע-סען'-שעל-נעס) ז. *essentiality*.

essen'tial oils (ע-סען'-שעל אילז) עטהער־אויל.

estab'lish *v.* (עס-טעב'-ליש) בעפעס־טיגען; איינשטעלען; איינריכטען; גרינ־דען; מאכען סאליד.

estab'lished church (עס-טעב'-לישט טשוירטש) די הערשענדע [אנגליקאנישע] קירך אין ענגלאנד.

estab'lished cred'it (עס-טעב'-לישט קרעד'-איט) גוטער קרעדיט.

The firm has an **established credit**.

estab'lisher *n.* (עס-טעב'-לי-שער) א גרינדער, אן איינפיהרער; איינער וואס מאכט סאליד.

estab'lishment *n.* (עס-טעב'-ליש-מענט) די בעפעסטיגונג אדער בעשטע־טיגונג; די איינריכטונג; די גרינדונג; אן אנשטאלט; א געביידע; די הערשענ־דע קירך; איינקונפט, הכנסה.

estacade' *n.* (עס-טע-קייד') אן עסטא־קאדע, א רייהע פון דיקע קלעצער איבער־געבונדען מיט קייטען, מיט וועלכע מען צאמט ארום דעם ברעג פון ים אדער פון א טייך געגען דעם שונא'ס שיפען.

estadal' *n.* (עס-טא-דאל') אן עסטאדאל, א שפאנישע לענג־מאס [ענטהאלט 10 פוס מיט 11,6 צאל].

estafet' *n.* (עס-טע-פעט') אן עסטאפעט, א שליח, אן אנזאגער.

estafette' *n.* (עס-טע-פעט) ז. *estafet*.

estate' *n. and v.* (עס-טייט') א שטאנד, א צושטאנד, א לאגע; א פערמעגען, א גוט; איבערגעבען א גוט אדער פערמעגען.

estate' at suf'ferance (עס-טייט' עט סאפ'-ער-ענס) א גרונד־שטיק אדער גוט וואס מען האלט אין בעזיץ נאכדעם ווי מען האט שוין מעהר קיין געזעצליך רעכט ניט אויף דעם, נאר דער ווירקליכער בע־זיצער פראטעסטירט ניט.

estate' by suf'ferance (עס-טייט' באי סאפ'-ער-ענס) ז. *estate at sufferance*.

esta'ted *a.* (עס-טיי'-טעד) וואס בעזיצט.

estate' in tail (עס-טייט' אין טייל) א פערמעגען אדער גוט, אויף וועלכען עס ליגען געוויסע בעשרענקונגען בנוגע צו ירושה.

estates' of the realm (עס-טייטס' אוו טהי רעלם) די שטאנדען פון דער מלוכה.

estate' tail (עס-טייט' טייל) א פערמע־גען, וואס עס קענען ירש'נען נור פארויס בעשטימטע יורשים.

esteem' *v. and n.* (עס-טים') שעצען, אכטען; בעטראכטען, מיינען; די שעצונג, די אכטונג; די בעדייטונג, דער ווערטה.

estee'mer *n.* (עס-טיע'-מער) איינער וואס שעצט, וואס אכטעט; איינער וואס האט א הויכע מיינונג וועגען אימיצען אדער עפעס.

esthematol'ogy *n.* (עס-טהי-מע-טאל'-א-דזשי) עסטעמאטאלאגיע, די לעהרע וועגען די חושים אדער וועגען די ארגאנען פון די חושים.

es'thete *n.* (עס'-טהיט) אן עסטעטיקער, א מענש וואס איז איבערגעגעבען צו קונסט און שעהנהייט.

esthet'ic *a. and n.* (עס-טהעט'-איק) עסטעטיש; אז עסטעטיקער. ז. *esthetics*.

esthet'ical *a.* (עס-טהעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו עסטעטיק אדער צו דער וויסענשאפט וועגען געשמאק און שעהנהייט; וואס האט א שעהנהייטס-געפיהל אדער געשמאק.

esthet'ically *adv.* (עס-טהעט'-אי-קעל-אי) לויט די עסטעטישע פרינציפען; בנוגע צום געפיהל פון שעהנהייט.

estheti'cian *n.* (עס-טהי-טיש'-ען) איינער וואס שטודירט עסטעטיק. ז. *esthetics*.

esthet'icism *n.* (עס-טהעט'-אי-סיזם) עסטעטיציזם, די פרינציפען פון עסטעטיק; אז איבערגעטריבענע איבערגעבענהייט צו די שעהנהייטס-פארמען.

esthet'icize *v.* (עס-טהעט'-אי-סאיז) מאכען עסטעטיש; פערפאסען אין אנקלאנג מיט די כללים פון עסטעטיק.

esthet'ics *n.* (עס-טהעט'-איקס) עסטעטיק, די וויסענשאפט וועגען געשמאק און שעהנהייט.

Estho'nian *a. and n.* (עס-טהאו'-ני-ען) וואס בעלאנגט צו עסטאניען אדער עסטלאנד [א גובערניע אין מערב-רוסלאנד]; אז עסטלענדער; די עסטאנישע שפראך.

es'timable *a.* (עס'-טי-מעבל) וואס קען אבגעשאצט ווערען; וואס איז ווערטה צו זיין געשעצט אדער געאכטעט.
He is an estimable gentleman.

es'timableness *n.* (עס'-טי-מעבל-נעס) שאצבארקייט.

es'timably *adv.* (עס'-טי-מע-בלי) אויף אז אופן וואס פערדיענט געאכטעט צו ווערען.

es'timate *v. and n.* (עס'-טי-מייט) שאצען, בערעכנען; די שאצונג, די בערעכנונג.

es'timated course (עס'-טי-מיי-טער קאורס) די ריכטונג פון א שיף על פי השערה [נים גענוי אויסגערעכענט].

estima'tion *n.* (עס-טי-מיי'-שאן) די שאצונג, די בערעכנונג; אז אבשאצונג; די מיינונג; די אורטיילונג וועגען עפעס; אכטונג.

es'timative *a.* (עס'-טי-מיי-טיוו) דענקענד; בערעכנענד, אורטיילענד.

es'timator *n.* (עס'-טי-מיי-טאר) אז אבשאצער, א בעאורטיילער.

es'timatory *a.* (עס'-טי-מיי-טא-רי) שאצענד, אורטיילענד.

estin'to *a.* (עס-טינ'-טא) אין מוזיק — אונטערגעהענד; וואס בעצייכענט דעם שוואכסטען לעצטען טאן אין פיאנא-שפיעל.

es'tival *a.* (עס'-טי-וועל) וואס ערשיינט אין זומער; וואס איז שייך צו זומער; זומערדיג.

es'tivate *v.* (עס'-טי-ווייט) פערברייגען דעם זומער; אין זאאלאגיע — אבשלאפען דעם זומער [וועגען געוויסע מאלוסקען].

estiva'tion *n.* (עס-טי-וויי'-שאן) דאס פערברייגנגען דעם זומער [ווי אין א זומער-פלאץ]; אין זאאלאגיע — דער זומער-שלאף פון געוויסע חיה'לעך [ווי מאלוסקען א. ד. ג.].

estop' *v.* (עס-טאפ') הינדערען, אבהאלטען.

estop'pel *n.* (עס-טאפ'-על) א הינדערונג, אז אבהאלט.

estop'ple *n.* (עס-טאפל') ז. *estoppel*.

estoufade' *n.* (עס-טוה-פייד') אז ארט קאכען לאנגזאם פלייש אין א פערמאכטער כלי.

esto'vers *n.* (עס-טאו'-ווערז) מזונות וואס א מאן מוז לויט'ן געזעץ געבען דעם ווייב, אדער וואס מען מוז געבען אז ארעסטאנט און זיין פאמיליע, בעת ער זיצט אין ט[illegible]ע.

estrade' *n.* (עס-טרייד') אז עסטראדע, א בימה.

estrange' *v.* (עס-טריינדזש') מאכען פרעמד, ענטפרעמדען; דערווייטערען.

estran'gedness *n.* (עס-טריינ'-דזשעד-נעס) דאס זיין ענטפרעמדעט אדער דערווייטערט.

estrange'ment *n.* (עס-טריינדזש'-מענט) דאס ווערען אדער מאכען פרעמד; ענטפרעמדונג; דערווייטערונג.

estran'ger *n.* (עס-טריינ'-דזשער) איינער וואס ענטפרעמדעט אדער דערווייטערט.

estrapade' *n.* (עס-טרע-פייד') דאס שטעלען זיך פון א פערד אויף די הינטערשטע פיס אראבצוווארפען דעם רייטער, דאס אויסזעצען פון א כערד.

estray' *n.* (עס-טריי') אז אוועקגעלאפענעם אדער פערבלאנדזשעטעם הויז-טהיער; עטוואס וואס געהט ארויס פון זינען.

estreat' *n. and v.* (עס-טריעט') אז אויסצוג אדער א קאפיע פון א דאקומענט; א בעשטעטיגטער אויסצוג פון א געריכטס-פראטאקאל; מאכען אז אויסצוג אדער א קאפיע פון א געריכטס-פראטאקאל.

estrepe' *v.* (עס-טריפ') אין געזעצגעבונג — פערדארבען עפעס; אנטהאן איינעם היזק דורך פערדארבונג [ווי אבשניידען די צווייגען פון איינעמס בוימער, אויסהאקען די בוימער פון איינעמס לאנד א. ד. ג.].

es'trich *n.* (עס'-טריטש) פוך פון א שטרויס-פויגעל.

es'tridge *n.* (עס'-טרידזש) ז. *estrich*.

E'-string *n.* (אי'-סטרינג) די דינסטע סטרונע פון א פידעל וועלכע גיט דעם העכסטען טאן.

estua'rian *a.* (עס-טשיו-איי'-רי-ען) ז. *estuarine*.

es'tuarine *a.* (עס'-טשיו-ע-רין) וואס איז שייך צו א מינדונג פון א טייך [דער ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים].

es'tuary *n.* (עס'-טשיו-איי-רי) די מינדונג פון א טייך, דער טייל פון א טייך אין דעם ארט, וואו ער פאלט אריין אין ים און וואו אין טייך איז קענטיג די ווירקונג פון עבע און פלוטה [דאס טעגליכע שטייגען און פאלען פון וואסער].

esu'rient *a.* (אי-סיו'-רי-ענט) הונגריג.

étagère' *n.* (איי-טא-זשעהר') אז עטאזשערקע, א שאפקע מיט פאליצעס.

etape' *n.* (ע-טעפ') א שטאדטישער אדער דארפישער מאגאזין פאר סחורות; פראוויאנט פאר סאלדאטען אין דער צייט ווען זיי געהען דורך פון איין ארט אין אז אנדערען; אין רוסלאנד — אז עטאפ [דאס הויז וואו א פארטיע ארעסטאנטען שטעלען זיך אב אין זייער גאנג צום ארט, וואו מען שיקט זיי ארויס].

état'-major' *n.* (איי-טא'-מא-זשאהר') אין מיליטער — דער גענעראל-שטאב.

etc. אז אבקירצונג פון *et cetera*

et cet'era (עט-סעט'-ע-רא) און זא ווייטער, און דאסגלייכען.

etcet'era (עט-סעט'-ע-רא) ז. *et cetera*.

etch *v.* (עטש) אויספרעסען, אויסעסען, גראווירען מיט דער הילף פון אז עסענדען שטאף; סקיצירען, צייכענען.

etch'er *n.* (עטש'-ער) איינער וואס גראווירט מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען.

etch'ing *n.* (עטש'-אינג) דאס גראווירען מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען; א פיגור וואס איז אויסגראווירט מיט דער הילף פון אויסעסענדע שטאפען.

etch'ing-ground *n.* (עטש'-אינג-גראונד) דער לאק מיט וועלכען מען בעדעקט די ערטער פון דעם מעטאלענעם גראוויר-בלעכעל, וועלכעס דארף פערהיט ווערען פון דעם אויסעסענדען שטאף.

etch'ing-nee'dle *n.* (עטש'-אינג-ניעדל) די גראוויר-נאדעל.

eter'nal *a. and n.* (אי-טויר'-נעל) אייביג, אייביג-דויערענד, אונענדליך, אונאויפהערליך; אהן אז אנהויב און אהן א סוף; אויסער דער צייט; עטוואס וואס דויערט אייביג; אייביגקייט.

Eter'nal *n.* (אי-טויר'-נעל) דער אייביגער [גאט].

Eter'nal Cit'y (אי-טויר'-נעל סיט'-אי) די אייביגע שטאדט [אזוי ווערט גערופען די שטאדט רוים].

eter'nal home (אי-טויר'-נעל האום) יענע וועלט.

eter'nalist *n.* (אי-טויר'-נעל-איסט) דער וואס האלט אז די וועלט איז א קדמון, אז די וועלט אדער די מאטעריע האט עקזיסטירט פון אייביג אן.

eternal'ity *n.* (אי-טויר-נעל'-אי-טי) דאס זיין אייביג; אייביגקייט.

eter'nalize *v.* (אי-טויר'-נעל-איז) ז. *eternize*.

eter'nally *adv.* (אי-טויר'-נעל-אי) אייביג, אונענדליך, אונאויפהערליך; אהן אז אנהויב און אהן א סוף.

eter'nalness *n.* (אי-טויר'-נעל-נעס) ז. *eternality*.

eternisa'tion *n.* (אי-טויר-ני-זיי'-שאן) ז. *eternization*.

eter'nise *v.* (אי-טויר'-נאיז) ז. *eternize*.

eter'nity *n.* (אי טויר'-ני-טי) אייביגקייט; אונענדליכקייט; דאס זיין אויסער דער צייט; די עקזיסטענץ פאר דער געבורט און נאך דעם טויט.

eter'nity box (אי-טויר'-ני-טי באקס) א טרונע.

eterniza'tion *n.* (אי-טויר-ני-זיי'-שאן) פעראייביגונג, דאס מאכען אונשטערבליך [בעריהמט].

eter'nize *v.* (אי-טויר'-נאיז) פעראייביגען, מאכען אונענדליך, מאכען אויף אייביג בעריהמט, מאכען אונשטערבליך.

ete'sian *a.* (אי-טי'-זשיען) פעריאדיש, וואס קומט אין בעשטימטע צייטען, וואס האלט אן א בעשטימטע צייט [הויפטזעכליך וועגען ווינדען].

e'ther *n.* (אי'-טהער) עטהער [עפיר], א פליסיגקייט וואס ווערט געברויכט ביי אפעראציאנען אלס אנעסטעטיק [בעטויבונגס-מיטעל אדער א מיטעל צו מאכען אונעמפפינדליך]; א מין לופט-שטאף, וועלכער, ווי מען גלויבט, געפינט זיך איבעראל, אפילו צווישען די אטאמען פון די געדיכטעסטע קערפער. דורך די וועלענארטיגע בעוועגונג פון עטהער ווערט איבערגעטראגען ליכט [מיט דער בעוועגונג פון'ם עטהער ווערען אויך ערקלערט די ערשיינונגען פון עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם]; אין דער אלט-גריכישער פילאזאפיע — אן עלעמענט וואס האט אנגעפילט די הימלען פון יענער זייט לבנה, א העכערער זארט פייער, פון וועלכען עס בעשטעהען די זון און די שטערען אדער א

העכערע זארט לופט, מיט וועלכער עס אטעמען די געטער.

ethe'real *a.* (אי-טהי'-רי-על) עטהעריש; וואס איז שייך צו אדער בעשטעהט פון עטהער; וואס איז עהנליך צו עטהער; הימליש, גייסטיג; לופט=ארטיג, לייכט; וואס לעבט אין דער לופט; הימעל=בלוי; לופטיג. ז. *ether*

etherealisa'tion *n.* (אי-טהי-רי-על-אי-זיי'-שאן) ז. *etherealization*

ethe'realise *v.* (אי-טהי'-רי-על-איז) ז. *etherealize*

ethereal'ity *n.* (אי-טהי-רי-על'-אי-טי) דאס זיין עטהעריש; אונקערפערליכקייט, רוחניות'דיגקייט. ז. *ether*

etherealiza'tion *n.* (אי-טהי-רי-על-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען עטהעריש אדער רוחניות'דיג. ז. *ether*

ethe'realize *v.* (אי-טהי'-רי-על-איז) מאכען עטהעריש; מאכען ריין, עדעל אדער רוחניות'דיג. ז. *ether*

ethe'really *adv.* (אי-טהי'-רי-על-אי) אויף'ן אופן ווי עטהער; דורך עטהער. ז. *ether*

ethe'reous *a.* (אי-טהי'-רי-אס) עטהעריש; הימליש. ז. *ether*

e'theriform *a.* (אי'-טהויר-אי-פארם) עהנליך צו עטהער. ז. *ether*

etheriza'tion *n.* (אי-טהויר-אי-זיי'-שאן) בעטויבען, מאכען אונעמפפינדליך דורך עטהער; דער צושטאנד אונטער דער ווירקונג פון עטהער; פערוואנדלען אין עטהער, פראדוצירען עטהער. ז. *ether*

e'therize *v.* (אי'-טהויר-איז) איינגעבען עטהער: פערוואנדלען אין עטהער. ז. *ether*

e'therizer *n.* (אי'-טהויר-אי-זער) אן אפאראט צו בעטויבען מיט עטהער [ביי אפעראציאנען].

eth'ic *n.* and *a.* (עטה'-איק) עטהיק, זיטען=לעהרע, מאראל; עטהיש, זיטליך, מאראליש.

eth'ical *a.* (עטה'-אי-קעל) וואס איז שייך צו די פרינציפען פון עטהיק [זיטען=לעהרע מאראל].

Eth'ical Cul'ture Soci'ety (עטה'-אי-קעל קאל'-טשור סא-סאי'-ע-טי) א געזעלשאפט וואס האט די אויפגאבע צו פערשפרייטען מאראל=פרינציפען אזוי, אז די מאראל זאל פערנעהמען דעם פלאץ פון רעליגיאן.

eth'ically *adv.* (עטה'-אי-קעל-אי) לויט די פרינציפען פון עטהיק אדער מאראל.

eth'icize *v.* (עטה'-אי-סאיז) מאכען עטהיש; צושרייבען עטהישע אייגענשאפטען.

eth'ics *n.* (עטה'-איקס) עטהיק, זיטען=לעהרע, מאראל; די וויסענשאפטען וואס זיינען געבויט אויף די פרינציפען פון מאראל

Ethio'pian *a.* and *n.* (אי-טהי-או'-פי-ען) וואס איז נוגע צו עטהיאפיע אדער אביסיניען [כוש]; אן איינוואהנער פון עטהיאפיע. א כושי, א נעגער.

Ethiop'ic *n.* (אי-טהי-אפ'-איק) די אלטע עטהיאפישע שפראך.

e'thiops mar'tial (אי'-טהי-אפס מאר'-שעל) שווארצער אייזען=אקסידול [דער שווארצער זשאווער אדער ראסט פון אייזען].

e'thiops min'eral (אי'-טהי-אפס מינ'-ער-על) א שווארצער מינעראל, וועלכער בעקומט זיך פון דער צוזאמענמישונג פון שוועבעל מיט קוועק=זילבער.

eth'moid *n.* (עטה'-מאיד) דער זיפ=ביין [א ביין וואס ענטהאלט אין זיך פיעל לעכעלעך און ליעגט אין דעם אויבערשטען טייל פון נאז].

eth'narch *n.* (עטה'-נארק) דער עטנארך, א וויצע=קעניג [אין אלט=גריכענלאנד].

eth'nic *a.* and *n.* (עטה'-ניק) עטניש, וואס בעלאנגט צו ראסען און פעלקער; היידיש, וואס געהערט צו היידען אדער געצענדיענער; אן עכו"ם, א געצענדיענער.

eth'nical *a.* (עטה'-ני-קעל) ז. *ethnic*

eth'nicism *n.* (עטה'-ני-סיזם) היידענטום, געצענדיענעריי.

ethnogen'ic *a.* (עטה-נא-דזשענ'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע איבער דער אבשטאמונג פון ראסען און פעלקער.

ethnog'eny *n.* (עטה-נאדזש'-ע-ני) עטנאגעניע, די לעהרע איבער דער אבשטאמונג פון ראסען און פעלקער.

ethnog'rapher *n.* (עטה-נאג'-רע-פער) אן עטנאגראף, דער וואס בעשרייבט דאס לעבען און די זיטען פון פעלקער און ראסען.

ethnograph'ic *a.* (עטה-נא-גרעפ'-איק) וואס געהערט צו עטנאגראפיע אדער צו דער בעשרייבונג פון פעלקער.

ethnograph'ical *a.* (עטה-נא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *ethnographic*

ethnograph'ically *adv.* (עטה-נא-גרעפ'-אי-קעל-אי) לויט די כללים און מעטאדען פון עטנאגראפיע.

ethnog'raphist *n.* (עטה-נאג'-רע-פיסט) ז. *ethnographer*

ethnog'raphy *n.* (עטה-נאג'-רע-פי) עטנאגראפיע, די וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון ראסען און פעלקער.

ethnolog'ic *a.* (עטה-נא-לאדזש'-איק) וואס איז נוגע צו עטנאלאגיע אדער צו דער וויסענשאפט וועגען לעבען און זיטען פון פעלקער און ראסען.

ethnolog'ical *a.* (עטה-נא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *ethnologic*

ethnolog'ically *adv.* (עטה-נא-לאדזש'-אי-קעל-אי) ווי אן עטנאלאג; לויט די כללים און מעטאדען פון דער עטנאלאגיע.

ethnol'ogist *n.* (עטה-נאל'-א-דזשיסט) אן עטנאלאגיסט, איינער וואס שטודירט עטנאלאגיע.

ethnol'ogy *n.* (עטה-נאל'-א-דזשי) עטנאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען די מענשליכע ראסען און פעלקער, זייער לעבען און זיטען.

ethog'raphy *n.* (אי-טאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון די מאראלע אייגענשאפטען פון מענשען.

etholog'ic *a.* (עטה-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וועגען דער אויסבילדונג פון מענשליכען כאראקטער.

etholog'ical *a.* (עטה-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *ethologic*

ethol'ogy *n.* (אי-טהאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען מענשליכע זיטען און מדות; עטהיק.

e'thos *n.* (אי'-טהאס) דער גייסט פון א פאלק, וואס דריקט זיך אויס אין זיין כאראקטער, זיטען, פעהיגקייטען א. ד. ג.; אין עסטעטיק — די שטריכען פון א קונסטווערק, וועלכע דריקען אויס אן אלגעמיינע, אוניווערזאלע אידעע און א הויכען מאראלישען אידעאל.

eth'yl *n.* (עטה'-איל) עטהיל, אן ארגאנישע כעמישע פערבינדונג פון קויהלען=שטאף און וואסער=שטאף.

eth'yl al'cohol (עטה'-איל על'-קא-האל) ז. *ethylic alcohol*

eth'ylated *a.* (עטה'-אי-ליי-טעד) פערבונדען מיט עטהיל, א כעמישער פראדוקט וואס ענטהאלט א פערבינדונג פון קויהלען=שטאף און וואסער=שטאף.

ethyl'ic *a.* (עטה-איל'-איק) ז. *ethylated*

ethyl'ic al'cohol (עטה-איל'-איק על'-קא-האל) אלקאהאל.

e'tiolate *v.* (אי'-טי-א-לייט) בלייך אדער וויים ווערען; בלייכען.

etiola'tion *n.* (אי-טי-א-ליי'-שאן) דאס ווערען וויים אדער בלייך.

e'tiolize *v.* (אי'-טי-א-לאיז) ז. *etiolate*

etiquette' *n.* (עט-אי-קעט') עטיקעטע, די אלגעמיין אנגענומענע כללים פון בענעהמען זיך אין דער געזעלשאפט, די אנגענומענע כללים פון העפליכקייט.

et'na *n.* (עט'-נא) א כלי צום אנווארעמען וואסער אויף ברענענדען אלקאהאל.

Et'na *n.* (עט'-נא) דער ווולקאן עטנא [א בעוואוסטער פייערשפייענדער בארג אין סיציליען, איטאליען].

Etne'an *a.* (עט-ני'-ען) וואס איז שייך צו דעם ווולקאן עטנא.

Eto'nian *a.* and *n.* (אי-טאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דער שטאדט איטאן אין ענגלאנד אדער צו דער הויכשוהל וואס דארטען געפינט זיך: איינער וואס האט שטודירט אין דער הויכשוהל פון איטאן.

Etru'rian *a.* and *n.* (עט-רו'-רי-ען) ז. *Etruscan*

Etrus'can *a.* and *n.* (עט-ראס'-קען) וואס איז שייך צו דער פארצייטיגער פראווינץ עטרוריען אין צענטראל איטאליען אדער צו די דארטיגע איינוואהנער, זייער קולטור און קונסט; אן איינוואהנער פון עטרוריען.

étude' *n.* (ע-טיוד') אן עטיוד, אן ענטוואורף פון א קונסט=ווערק; א ניט=פאלקאם בעארבייט קונסט=ווערק [אין מאהלעריי, ליטעראטור, מוזיק א. ד. ג.]; א מוזיקאלישע איבונגס=שטיק.

étui' *n.* (ע-טהווי') אן עטווי, א קליין פערציערט שאכטעל [צו האלטען קארטען, ציגארעטען אדער אנדערע קלייניגקייטען].

etymolog'ic *a.* (עט-אי-מא-לאדזש'-איק) ז. *etymological*

etymolog'ical *a.* (עט-אי-מא-לאדזש'-אי-קעל) עטימאלאגיש, וואס געהערט צו דעם טייל פון גראמאטיק, וועלכער ענטהאלט די לעהרע איבער די פארמען און שרש פון ווערטער.

etymolog'ically *adv.* (עט-אי-מא-לאדזש'-אי-קעל-אי) עטימאלאגיש, לויט די פרינציפען און רעגעלען פון עטימאלאגיע. ז. *etymology*

etymol'ogist *n.* (עט-אי-מאל'-א-דזשיסט) אן עטימאלאגיסט, א ווארט=פארשער; איינער וואס אונטערזוכט דעם שרש, די ענטוויקלונג און בעדייטונג פון ווערטער.

etymol'ogize *v.* (עט-אי-מאל'-א-דזשאיז) נאכפארשען דעם שרש און די בעדייטונג פון ווערטער.

etymol'ogy *n.* (עט-אי-מאל'-א-דזשי) עטימאלאגיע, ווארט=פארשונג; דער טייל פון גראמאטיק וועלכער ענטהאלט די לעהרע איבער די פארמען און דעם שרש פון ווערטער.

et'ymon *n.* (עט'-אי-מאן) דער שרש פון א ווארט; דער תוך פון א געדאנק.

etyp'ic *a.* (אי-טיפ'-איק) אין בילאנ=

ניע — וואס טרעט אב פון געוועהנליכען טיפ; וואס הויבט זיך אן צו ענטוויקלען אין אן אנדער ביאלאגישער פארם.

etyp'ical *a.* (אי-טיפ'-אי-קעל) ז. *etypic*

ex'ecute *v.* (עק'-סי-קיוט) אויספיהרען, פערוואלטען; טהאן; הינריכטען, טויטען; שפיעלען מוזיק אדער זינגען.

ex'ecuter *n.* (עק'-סי-קיו-טער) איינער וואס פיהרט דורך א זאך.

execu'tion *n.* (עק-סי-קיו'-שאן) 1. די פערפערטיגונג, די אויספיהרונג, די פערריכטונג; די ווירקונג; 2. די הינריכטונג, דאס טויטען.

1. The execution of the plans was left to the manager. 2. The execution of the murderer will take place next week.

execu'tioner *n.* (עק-סי-קיו'-שאנ-ער) א שארפריכטער, א הענקער, א תליון.

exec'utive *a. and n.* (עג-זעק'-יו-טיוו) אויספיהרענד, ערפילענד; די בעאמטע וועלכע פיהרען אויס אדער ערפילען די געזעצע.

exec'utively *adv.* (עג-זעק'-יו-טיוו-לי) דורך אן אויספיהרענדער קראפט.

exec'utor *n.* (עג-זעק'-יו-טאר) איינער וואס טהוט אויף אדער פיהרט דורך אן אונטערנעהמונג; אן אפטרופוס, א פערזאן וואס ווערט ערנאנט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צואה.

executo'rial *a.* (עג-זעק-יו-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אפטרופוס אדער דעם מענשען וואס איז בעשטימט אויסצופיהרען די צואה פון א געשטארבענעם.

exec'utorship *n.* (עג-זעק'-יו-טאר-שיפ) דאס אמט פון אן אפטרופוס אדער א פערזאן וואס ווערט געוועהלט פון איינעם פאר'ן טויט צו ערפילען זיין צואה.

exec'utory *a.* (עג-זעק'-יו-טא-רי) וואס דארף ערפילט אדער אויסגעפיהרט ווערען; וואס ערפילט.

exec'utress *n.* (עג זעק'-יו-טרעס) ז. *executrix*

exec'utrix *n.* (עג-זעק'-יו-טריקס) א פרויענצימער וואס ווערט ערנאנט צו ערפילען איינעמס פערלאנג אין א צואה.

exe'dra *n.* (עק-סי'-דרא) אין דער אלטער גריכיש-רוימישער ארכיטעקטור — די עקסעדרא, א מין פלאטפארמע אויף דער פרייער לופט מיט איינע אדער עטליכע טרעפ, אויף וועלכע עס שטעהען שטוהלען און בענקלעך צום אברוהען און אונטערהאלטען זיך.

exege'sis *n.* (עק-סי-דזשי'-סיס) אן ערקלערונג, א ביאור אדער קריטישעס שטודיום פון א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט פון תנ"ך.

exege'sist *n.* (עק-סי-דזשי'-סיסט) ז. *exegetist*

ex'egete *n.* (עק'-סי-דזשיט) אן ערקלערער פון ליטערארישע ווערק, איבערהויפט פון דער ביבעל.

exeget'ic *a. and n.* (עק-סי-דזשעט'-איק) ערקלערענד; אן ערקלערונג אדער קריטישעס שטודיום פון דער ביבעל; עקזעגעטיק, ביבעל-שטודיום.

exeget'ical *a.* (עק-סי-דזשעט'-אי-קעל) ערקלערענד, וואס מאכט א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ically *adv.* (עק-סי-דזשעט'-אי-קעל-אי) ערקלערענדיג, מאכענדיג א וויסענשאפטליכען פירוש אויף א ליטערארישען ווערק, איבערהויפט אויף דער ביבעל.

exeget'ics *n.* (עק-סי-דזשעט'-איקס) עקזעגעטיק, ביבעל-פארשונג, ביבעל-שטודיום.

exege'tist *n.* (עק-סי-דזשי'-טיסט) איינער וואס פערנעהמט זיך מיט ביבעל-פארשונג אדער ביבעל-שטודיום.

exem'plar *n. and a.* (עג-זעמ'-פלער) א ביישפיעל, א מוסטער; אן אריגינאל; אן עקזעמפלאר [איינער פון א מין אדער פון אן אויסגאבע, ווי איין בוך א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו א מוסטער אדער ביישפיעל.

ex'emplarily *adv.* (עג'-זעמ-פליי-רי-לי) אויף א מוסטערהאפטען אופן; אויף אן אופן וואס קען דיענען פאר א ביישפיעל.

ex'emplariness *n.* (עג'-זעמ-פליי-רי-נעס) מוסטערהאפטיגקייט, עטוואס וואס קען דיענען אלס מוסטער אדער ביישפיעל.

exemplar'ity *n.* (עג-זעמ-פלער'-אי-טי) ז. *examplariness*

ex'emplary *a.* (עג'-זעמ-פלע-רי) מוסטערהאפט; וואס איז ווערטה נאכצוטהאן.

exem'plifiable *a.* (עג-זעמ'-פלי-פאי-עבל) וואס קען ערקלערט ווערען דורך ביישפיעלען.

exemplifica'tion *n.* (עג-זעמ-פלי-פי-קיי'-שאן) די ערקלערונג דורך ביישפיעלען; עטוואס וואס דיענט אלס ביישפיעל אדער אילוסטראציאן; אן אבשריפט פון א דאקומענט וואס איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plified cop'y (עג-זעמ'-פלי-פאיד קאפ'-אי) א קאפיע פון א דאקומענט, וועלכע איז בעשטעטיגט מיט א זיעגעל.

exem'plifier *n.* (עג-זעמ'-פלי-פאי-ער) איינער וואס ערקלערט דורך א ביישפיעל.

exem'plify *v.* (עג-זעמ'-פלי-פאי) ערקלערען דורך ביישפיעלען; איבערשרייבען, קאפירען מיט דער בעשטעטיגונג פון א זיעגעל; איבערצייגען מיט א בעשטעטיגטער קאפיע.

exem'pli gra'tia (עג-זעמ'-פלאי גריי'-שי-א) צום ביישפיעל; דורך א ביישפיעל; אלס א ביישפיעל.

exempt' *v., a. and n.* (עג-זעמפט') בעפרייען; ענטלאסען; אויסנעהמען; בעפרייט; פטור; איינער וואס איז בעפרייט פון א פפליכט.

exemp'tible *a.* (עג-זעמפ'-טיבל) וואס קען בעפרייט ווערען [פון א פפליכט].

exemp'tion *n.* (עג-זעמפ'-שאן) די בעפרייאונג [פון א פפליכט]; פרייהייט.

exentera'tion *n.* (עקס-ענ-טע-ריי'-שאן) דאס ארויסנעהמען דעם איינגעווייד; דאס אויסקעהרען פון אינווענינ צום דרויסען; דאס אויפדעקען א סוד פון עפעס.

exequa'tur *n.* (עק-סי-קהוויי'-טויר) אן אפיציעלע בעשטעטיגונג פון א דאקומענט אדער פון וועלכען עס איז רעכט; א שריפטליך צייגניס פון א קאנסול.

exe'quial *a.* (עק-סי'-קהווי-על) וואס איז שייך צו א טויטען-בעגרעבניס.

ex'ercisable *a.* (עק'-סער-סאי-זעבל) וואס קען איינגעאיבט אדער איינגעלערענט ווערען; וואס קען בענוצט ווערען.

ex'ercise *n. and v.* (עק'-סער-סאיז) איבונג, איינלערנונג; דאס געוועהנען זיך אין עפעס; קערפערליכע איבונג אדער בעוועגונג; אן אויפגאבע, א לעקציאן [עפעס צום איינלערנען]; דאס דאווענען, גאטעס-דיענסט; מושטירונג פון סאלדאטען; דאס בעשעפטיגען זיך; דאס ערפילען אדער פערוואלטען אן אמט; איבען, איינלערנען, איינ'חזר'ען; מושטירען סאלדאטען; בעשעפטיגען; פערוואלטען אן אמט; אנווענדען, געברויכען; מאכען קערפערליכע איבונגען.

ex'erciser *n.* (עק'-סער-סאי-זער) איינער וואס איבט אדער לערענט איין.

ex'ercisible *a.* (עק'-סער-סאי-זיבל) ז. *exercisable*

ex'ercising ground (עק'-סער-סאי-זינג גראונד) א מושטיר-פלאץ פאר סאלדאטען.

exercita'tion *n.* (עג-זויר-סי-טיי'-שאן) דאס איבען, איבונג. ז. *exercise*

exergue' *n.* (עג-זוירג') דאס לעדיגע שטיקעל פלאץ וואס בלייבט פון דער צייכנונג און די ווערטער אויף דער לינקער זייט פון א מטבע אדער מעדאל.

exert' *v.* (עג-זוירט') אנשטרענגען; אנ-

ווענדען; מאכען, ערפילען, ארויסבריינגען [דורך אנשטרענגונג אדער בעמיהונג].
The prisoner's friends **exerted** themselves to secure for him a pardon.

exer'tion *n.* (ענ-זויר'-שאן) אנשטרענגונג, בעשטרעבונג, בעמיהונג; אנווענדונג; דאס טהאן, דאס ערפילען אדער דאס ארויסבריינגען עפעס [דורך אנשטרענגונג אדער בעמיהונג].

ex'eunt *v.* (עקס'-אי-אנט) אב, געהן ארויס [א ווארט וואס ווערט געברויכט אין א טעאטער־שטיק אום צו בעצייכנען, אז די אקטיארען פערלאזען די ביהנע].

ex'eunt om'nes (עקס'-אי-אנט אמ'-נעס) אלע געהען ארויס [אין טעאטער־שפראך]. ז. *exeunt*.

exflec'ted *a.* (עקס-פלעק'-טעד) אויסגעבויגען אדער אויסגעקעהרט ארויס־צו.

exfo'liate *v.* (עקס-פאו'-לי-אייט) זיך אבשפליטערען, זיך אבשיילען, זיך אבשפאלטען; אבשיילען, אבבלעטערען אדער אבשפאלטען.

exfolia'tion *n.* (עקס-פאו-לי-איי'-שאן) אבשיילונג, אבשפאלטונג.

exfo'liative *a. and n.* (עקס-פאו'-לי-איי-טיוו) וואס שיילט זיך אב, וואס שפאלט זיך אב; עטוואס וואס פערורזאכט אדער פערשנעלערט אבשיילונג אדער אבשפאלטונג.

ex. gr. צום ביישפיעל, אלס ביישפיעל, דורך א ביישפיעל [אבקירצונג פון *exempli gratia*].

exha'lable *a.* (עקס-היי'-לעבל) וואס ווערט לייכט אויסגעדונסט אדער פערוואנדעלט אין פארע.

exha'lant *n. and a.* (עקס-היי'-לענט) אויסדונסטענד, וואס פערוואנדעלט זיך אין פארע; וואס ווערט אויסגעדונסט אדער קען אויסגעדונסט ווערען.

exhala'tion *n.* (עקס היי-ליי'-שאן) אייסדונסטונג, דונסט, פארע.

exhale' *v.* (עקס-הייל') אויסדונסטען, זיך פערוואנדלען אין פארע.

exha'lent *n. and a.* (עקס-היי'-לענט) ז. *exhalant*.

exhaust' *v. and n.* (ענ-זאהסט') ערשעפפען, אויסמאטערען; אויסשעפען, אויסלעדיגען; אין גאנצען פערברויכען; ארויסלאזונג, ארויסציהונג [ווי דאמפף פון א מאשין].

exhaust'-cham'ber *n.* (ענ-זאהסט'-טשיימ'-בער) דער דאמפף־רוים אין א לאקאמאטיוו־קעסעל.

exhaus'ter *n.* (ענ-זאהס'-טער) איינער אדער עטוואס וואס שעפט אויס; א לופט־ציהער, א ווענטילאטאר [אין שאכטען].

exhaust'-fan *n.* (ענ-זאהסט'-פען) א ווענטילאטאר.

exhaustibil'ity *n.* (ענ-זאהס-טי-ביל'-אי-טי) ערשעפליכקייט, אויסגעמאטערטקייט; דאס קענען אויסגעלעדיגט ווערען.

exhaus'tible *a.* (ענ-זאהס'-טיבל) וואס קען אויסגעשעפט, אויסגעלעדיגט אדער אין גאנצען פערברויכט ווערען.

exhaus'ting *a.* (ענ-זאהס'-טינג) ערשעפפענד, אויסמאטערענד.

exhaus'ting machine' (ענ-זאהס'-טינג מע-שין') ז. *exhauster*.

exhaus'tion *n.* (ענ-זאהס'-טשיאן) ערשעפפונג, אויסלעדיגונג; ארויסציהונג אדער ארויספומפונג [פון לופט]; אויסגעמאטערטקייט; אין כעמיע — ארויסציהונג פון א געוויסען שטאף פון א לעזונג; אין לאגיק — א מעטאדע צו בעווייזען עטוואס דורך דעם, וואס מען ווידערלעגט אלעס וואס קען פיהרען צו א פערקעהרטען שלום.

exhaus'tive *a.* (ענ-זאהס'-טיוו) ערשעפפענד; פאלשטענדיג, אויספיהרליך, אלעס אומפאסענד [וועגען אבהאנדלונגען, פארשונגען, קריטיקען א. ד. ג.].
He is the author of an **exhaustive** treatise on electricity.

exhaus'tively *adv.* (ענ-זאהס'-טיוו-לי) ערשעפפענדיג; אויספיהרליך, דורך און דורך; אויף אן אלעס־אומפאסענדען אופן [וועגען אבהאנדלונגען, פארשונגען א. ד. ג.].

exhaus'tiveness *n.* (ענ-זאהס'-טיוו-נעס) ערשעפליכקייט, אויספיהרליכקייט, דאס ארומנעהמען אלעס [וועגען אבהאנדלונגען, פארשונגען א. ד. ג.].

exhaust'less *a.* (ענ-זאהסט'-לעס) אונערשעפליך.

exhaust'-pipe *n.* (ענ-זאהסט'-פאיפ) אן אויסלאס־ראהר [די ראהר אין א דאמפף־מאשין ארויסצולאזען דעם דאמפף].

exhaust'-steam *n.* (ענ-זאהסט'-סטיעם) דער אויספוף־דאמפף [דער אויסגענוצטער דאמפף וואס מען לאזט ארויס פון א דאמפף־מאשין].

exhaust'-valve *n.* (ענ-זאהסט'-וועלוו) א ווענטיל אין א דאמפף־מאשין צו רעגולירען דעם ארויסלאז פון דעם אויסגענוצטען דאמפף.

exher'edate *v.* (עקס-הער'-אי-דייט) ענטערבען, מאכען אויס יורש.

exhereda'tion *n.* (עקס-הער-אי-דיי'-שאן) ענטערבונג, בערויבונג פון ערברעכט, דאס מאכען אויס יורש.

exhib'it *v. and n.* (ענ-זיב'-איט) צייגען, אויסשטעלען, מאכען אן אויסשטעלונג אדער פאראד פון עפעס; פארלעגען [צום פערהאנדלען]; אנווענדען א מעדיצין; אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען — ארויסשטעלען א וועט־פרייז [צו קריגען א סטיפענדיע]; האלטען אן עפענטליכע אבהאנדלונג אדער רעדע; עטוואס וואס ווערט אויסגעשטעלט; אן עפענטליכע ערקלערונג, אבהאנדלונג א. ד. ג.; אין יוריספרודענץ — אן עקזיביטום, א בעווייז־דאקומענט.

exhib'it a charge (ענ-זיב'-איט ע טשארדזש) אנקלאגען אין געריכט.

exhib'itant *n.* (ענ-זיב'-אי-טענט) איינער וואס בריינגט אריין א געריכטליכע קלאגע; איינער וואס בריינגט דאקומענטאלע בעווייזע אין געריכט.

exhib'iter *n.* (ענ-זיב'-אי-טער) ז. *exhibitor*.

exhibi'tion *n.* (עק-סי-ביש'-אן) צייגונג, אן ארויסווייזונג, דאס אויסשטעלען, אויסשטעלונג; א סטיפענדיע [אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען]; דאס אנווענדען א מעדיצין; דאס בריינגען דאקומענטאלע בעווייזע אין געריכט; א געריכטליכער בעפעהל צוציישטעלען דאקומענטען.

exhibi'tional *a.* (עק-סי-ביש'-אנ-על) וואס איז שייך צו אן אויסשטעלונג.

exhibi'tion-buil'ding *n.* (עק-סי-ביש'-אן-ביל'-דינג) אויסשטעלונגס־געביידע.

exhibi'tion-case *n.* (עק-סי-ביש'-אן-קיים) שוי־קאסטען, אויסשטעלונגס־קאסטען.

exhibi'tioner *n.* (עק סי ביש' אנ ער) א סטודענט וואס ערהאלט שטיצע פון אוניווערזיטעט [אין די ענגלישע אוניווערזיטעטען].

exhibi'tionist *n.* (עק-סי-ביש'-אנ-איסט) דער אויסשטעלער.

exhib'itive *a.* (ענ-זיב'-אי-טיוו) צייגענד, ארויסווייזענד; פארשטעלענד.

exhib'itively *adv.* (ענ-זיב'-אי-טיוו-לי) דורך ארויסצייגען, דורך פארשטעלען.

exhib'itor *n.* (ענ-זיב'-אי-טאר) איינער וואס צייגט, שטעלט אויס אדער מאכט אן אויסשטעלונג; אין יוריספרודענץ — איינער וואס בריינגט דאקומענטאלע בעווייזע אין געריכט.

exhib'itory *a.* (ענ-זיב'-אי-טא-רי) צייגענד, ארויסווייזענד, אויסשטעלענדיג, מאכענדיג אן אויסשטעלונג.

exhil'arant *a. and n.* (ענ-זיל'-ע-רענט) ערפרעהענד; עפעס וואס ערפרעהט, וואס מאכט לעבעדיג, פרעהליך.

exhil'arate *v.* (ענ-זיל'-ע-רייט) ערפרעהען; מאכען מונטער, לעבעדיג.

exhil'arating *a.* (ענ-זיל'-ע-ריי-טינג) ערפרעהענד, מאכענדיג לעבעדיג, פרעהליך.

exhil'aratingly *adv..* (ענ-זיל'-ע-ריי-טינג-לי) מאכענדיג לעבעדיג, לוסטיג.

exhilara'tion *n.* (ענ-זיל-ע-ריי'-שאן) דאס פרעהליך מאכען, די ערמונטערונג; דאס זיין לעבעדיג, לוסטיג.

exhil'arator *n.* (ענ-זיל'-ע-ריי-טאר) איינער וואס מאכט לעבעדיג, לוסטיג.

exhort' *v.* (ענ-זארט') ערמונטערען, בעוועגען צו עפעס.
The preacher **exhorted** the congregation to repentence.

exhorta'tion *n.* (עק-סאר-טיי'-שאן) אן אויפמונטערונג, דאס בעוועגען צו עפעס.

exhor'tative *a.* (ענ-זאר'-טיי-טיוו) וואס בעוועגט אדער מונטערט אויף צו עפעס [ווי אן אויפרוף א. ד. ג.].

exhor'tatory *a.* (ענ-זאר'-טיי-טא-רי) ז. *exhortative*.

exhor'ter *n.* (ענ-זאר'-טער) אן ערמונטערער, איינער וואס בעוועגט צו עפעס; אין דער מעטאדיסטישער קירך — א וועלטליכער מענש, ניט קיין גלח, וועמען דער פאסטאר גיט אן ערלויבניש אבצוהאלטען די גאטעס־דיענסט אין קירך.

exhu'mate *v.* (עקס-היו'-מייט) ז. *exhume*.

exhuma'tion *n.* (עקס-היו-מיי'-שאי) דאס אויסגראבען צוריק א טויטען פון קבר.

exhume' *v.* (עקס-היום') אויסגראבען א טויטען פון קבר.

exigeant' *a.* (ענ-זי-זשאן') וועלכער איז מקפיד; וועלכער פאדערט פינקטליכקייט.

exigeante' *a.* (ענ-זי-זשאנט') וועלכע איז מקפיד; וועלכע פאדערט פינקטליכקייט.

ex'igence *n.* (עק'-סי-דזשענס) א נויט־פאל; נויט; דאס זיין אין נויט.

ex'igency *n.* (עק'-סי-דזשענ-סי) ז. *exigence*.

exigen'dary *n.* (עק-סי-דזשענ'-דע-רי) ז. *exigenter*.

ex'igent *a. and n.* (עק' סי-דזשענט) דרינגענד; נויט־דרינגענד; אין דער אלטער ענגלישער געזעצגעבונג — א צושריפט פון געריכט, וואס פאדערט אויף א בעשולדיגטען, וועלכען מען קען ניט אויסגעפינען, צו ערשיינען פאר'ן געריכט, איידער מען נעהמט פון איהם אוועק אלע רעכטען און מען שליסט איהם אויס פון דער געזעלשאפט.

ex'igenter *n.* (עק'-סי-דזשענ-טער) אן אכאלינגער בעאמטער פון ענגלישען געריכט וועלכער פלעגט אויספילען די צושריפט פון געריכט, ארויספאדערענדיג א בעשולדיגטען, וועלכען מען האט ניט געקענט

אויסגעפינען, צו ערשיינען פאר׳ן געריכט, איידער מען נעהמט פון איהם אוועק אלע רעכטען און מען שליסט איהם אויס פון דער געזעלשאפט. ז. *exigent*.

ex'igible *a.* (עק׳-סי-דזשיבל) וואס קען פערלאנגט אדער געפאדערט ווערען.

exig'uous *a.* (עג-זיג׳-יו-אס) ווענינ; קארג; קליין.

ex'ile *n. and v.* (עק׳-סאיל) די פערווייזונג; פערשיקונג; דאס ארויסטרייבען; גלות; אן ארויסגעוויזענער; א פערשיקטער; פערוויזען; פערשיקען; פערטרייבען אין גלות.

exil'ian *a.* (עג-זיל׳-אי-ען) וואס איז שייך צו גלות.

exil'ic *a.* (עג-זיל׳-איק) ז. *exilian*.

exin'anite *v.* (עג-זינ׳-ע-נאיט) מאכען פוסט; אבשוואכען; ערנידריגען.

exinani'tion *n.* (עג-זינ-ע-ניש׳-אן) אויסלעערונג; ערשעפפונג; ערנידריגונג.

exist' *v.* (עג-זיסט׳) זיין; עקזיסטירען; לעבען.

existabil'ity *n.* (עג-זיס-טע-ביל׳-אי-טי) ז. *existibility*.

exis'tence *n.* (עג-זיס׳-טענס) דאס עקזיסטירען, דאס דאזיין; דאס לעבען; די עקזיסטענץ; דאס וואס עקזיסטירט, א וועזען.

exis'tency *n.* (עג-זיס׳-טענ-סי) ז. *existence*.

exis'tent *a. and n.* (עג-זיס׳-טענט) עקזיסטירענד, פארהאנדען; דאס וואס עקזיסטירט, א וועזען.

existibil'ity *n.* (עג-זיס-טי-ביל׳-אי-טי) עקזיסטענץ; די מעגליכקייט צו עקזיסטירען.

exis'ting *a.* (עג-זיס׳-טינג) וואס עקזיסטירט, וואס לעבט, וואס איז דא.

ex'it *n.* (עק׳-סיט) דאס ארויסגאנג; דאס וועקגעהן פון אן אקטיאר ווען ער האט אבגעשפיעלט זיין ראלע; דאס אראבגעהן פון לעבענס-סצענע, דער טויט.

exi'tial *a.* (עג-זיש׳-על) וואס ברייננט מיט זיך טויט; פערדערבליך, געפעהרליך.

exi'tious *a.* (עג-זיש׳-אס) ז. *exitial*.

ex li'bris (עקס לאי׳-ברים) פון די ביכער; א צייכענונג אדער אויפשריפט אויף א בוך מיט׳ן נאמען פון אייגענטימער.

ex'-may'or *n.* (עקס׳-מיי׳-אר) דער געוועזענער בירגערמייסטער, א געוועזענער גאלאווא.

ex'-min'ister *n.* (עקס׳-מינ׳-איס-טער) א געוועזענער מיניסטער; א געוועזענער גייסטליכער.

ex necessita'te (עקס ני-סעס-אי-טיי׳-טי) נויטוועדיגערווייזע.

ex'ode *n.* (עק׳-סאוד) אין אלט-גריכישער דראמא — דער שלוס אדער דער לעצטער טייל פון שויישפיעל.

ex'oderm *n.* (עקס׳-א-דוירם) ז. *ectoderm*.

exod'ic *a.* (עק-סאד׳-איק) וואס איז שייך צום אויסגאנג; וואס פיהרט ארויס.

ex'odus *n.* (עק׳-סא-דאס) דער ארויסגאנג [ווי פון די אידען פון מצרים]; דער ארויסצוג.

Ex'odus *n.* (עק׳-סא-דאס) דאס צווייטע בוך פון חומש, ספר שמות.

ex offi'cio (עקס א-פיש׳-אי-או) לויט דער פפליכט אדער רעכט פון אמט, וואס איינער פערנעהמט.

The president of a society is usually a member ex officio of all committees.

exogam'ic *a.* (עק-סא-געמ׳-איק) עקזאגאמיש, וואס איז שייך צו עקזאגאמיע [דער מנהג צו הייראטען א פרוי פון א פרעמדען שבט אדער משפחה].

exogamit'ic *a.* (עק-סא-גע-מיט׳-איק) ז. *exogamic*.

exog'amous *a.* (עק-סאג׳-ע-מאס) ז. *exogamic*.

exog'amy *n.* (עק-סאג׳-ע-מי) עקזאגאמיע, דער מנהג פון כמעט אלע אונציווילירטע שבטים נים צו הייראטען א פרוי פון דעם אייגענעם שבט, נאר פון פרעמדע שבטים.

ex'ogen *n.* (עק׳-סא-דזשען) אין באטאניק — די עקזאגען-פלאנצען [די קלאסע בוימער און אנדערע פלאנצען, וועלכע וואקסען אין דיק אזוי, דאס ארום הערצעל קומט צו יעדעס יאהר א נייער צוגעוואקסענער שיכט אדער רינג. אין געגענזאץ צו די ענדאגען-פלאנצען].

exog'enous *a.* (עק-סאדזש׳-ע-נאס) וואס וואקסט ארום פון אויסווענינ [וועגען געוויסע בוימער און אנדערע פלאנצען, וועלכע וואקסען אין דיק אזוי, דאס יעדעס יאהר קומט צו זיי צו א נייער שיכט אדער רינג].

exom'phalos *n.* (עג-זאמ׳-פע-לאס) דער נאפעל-ברוך [א מין קילע אויף׳ן נאפעל].

exom'phalus *n.* (עג-זאמ׳-פע-לאס) ז. *exomphalos*.

ex'on *n.* (עק׳-סאן) איינער פון די פיער אפיציערען, וואס דיענען אלס קאמאנדירען פון דער לייב-גווארדיע פון ענגלישען קעניג.

exon'erate *v.* (עג-זאנ׳-ע-רייט) בעפרייען פון א בעשולדיגונג אדער שאנדפלעק, רעכטפערטיגען; בעפרייען פון א פערפפליכטונג.

The judge exonerated the prisoner.

exonera'tion *n.* (עג-זאנ-ע-ריי׳-שאן) די בעפרייאונג פון א בעשולדיגונג; די רעכטפערטיגונג.

exon'erative *a.* (עג-זאנ׳-ע-ריי-טיוו) בעפרייענד פון א בעשולדיגונג; בעפרייענד, רעכטפערטיגענד.

exon'erator *n.* (עג-זאנ׳-ע-ריי-טאר) איינער וואס בעפרייט פון א בעשולדיגונג; איינער וואס רעכטפערטיגט.

exonera'tur *n.* (עג-זאנ-ע-ריי׳-טויר) דער בעפעהל פון א געריכט אדער ריכטער צו בעפרייען איינעם פון א בעשולדיגונג, פון אן אנקלאגע אדער פון ערבות-געלד.

exoneu'ral *a.* (עק-סא-ניו׳-רעל) אין אנאטאמיע — וואס געפינט זיך אויסער דער נערווען-סיסטעם.

ex'on of the house'hold (עק׳-סאן אוו טהי האוס׳-האולד) דער קאמאנדיר פון דער קעניגליכער לייב-גווארדיע אין ענגלאנד.

exoph'agy *n.* (עק-סאפ׳-ע-דזשי) עקזאפאגיע, דער מנהג פון געוויסע קאניבאלען [מענשען-פרעסער] ניט צו עסען מענשען פון אייגענעם שבט.

exophthal'mia *n.* (עק-סאפ-טהעל׳-מי-א) דאס ארויסגעהן אדער ארויסשטארצען פון אן אויג אלס רעזולטאט פון א קראנקהייט.

exophthal'my *n.* (עק-סאפ-טהעל׳-מי) ז. *exophthalmia*.

exophyl'lous *a.* (עק-סא-פיל׳-אס) אין באטאניק — וואס האט ניט קיין בלאטשיידען אדער קערענדלעך אויף די צווייגען, פון וועלכע עס וואקסען ארויס די בלעטלעך.

ex'orable *a.* (עק׳-סא-רעבל) ערביטליך, וועלכען מען קען איינבעטען; וואס נעהמט אן א בקשה.

exor'bitance *n.* (עג-זאהר׳-בי-טענס) איבערמאס, איבערמעסינקייט; אויסברענגעריי, דאס אויסגעבען צופיעל געלד, פערשווענדעריי.

exor'bitancy *n.* (עג-זאהר׳-בי-טענ-סי) ז. *exorbitance*.

exor'bitant *a.* (עג-זאהר׳-בי-טענט) איבערמעסיג, אריבערגעהענד די מאס; אויסברענגעריש, פערשווענדעריש.

exor'bitantly *adv.* (עג-זאהר׳-בי-טענט-לי) אויף אן איבערמעסיגען אדער פערשווענדערישען אופן.

ex'orcise *v.* (עק׳-סאהר-סאיז) בעשווערען אדער ארויסטרייבען שדים און רוחות דורך געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס אדער כשוף.

ex'orciser *n.* (עק׳-סאהר-סאי-זער) א בעשווערער אדער ארויסטרייבער פון רוחות אדער ניט-גוטע.

ex'orcism *n.* (עק׳-סאהר—סיזם) די בעשווערונג פון רוחות און ניט-גוטע; דאס פערטרייבען א דבוק.

exorcis'mal *a.* (עק-סאהר-סיז׳-מעל) וואס איז נוגע צום ארויסטרייבען א דבוק אדער רוחות.

ex'orcist *n.* (עק׳-סאהר-סיסט) ז. *exorciser*.

exor'dial *a.* (עג-זאהר׳-די-על) וואס איז שייך צו א הקדמה; אנהויבענד, אנפאנגענד, איינלייטענד.

exor'dium *n.* (עג-זאהר׳-די-אם) א פאררעדע, א הקדמה, מבוא, אנפאנג, איינלייטונג.

exorhi'za *n.* (עק-סא-ראי׳-זא) ז. *exogen*.

exos'culate *v.* (עג-זאס׳-קיו-לייט) קושען מיט צערטליכקייט; אויסקושען אלע גליעדער.

exos'mic *a.* (עק-סאס׳-מיק) ז. *exosmotic*.

ex'osmose *n.* (עק׳-סאס-מאוס) ז. *exosmosis*.

exosmo'sis *n.* (עק-סאס-מאו׳-סיס) אין פיזיק — דער עקזאסמאס, דאס דורכדרינגען פון אן אינערליכער פליסינקייט אין אן אויסערליכער דורך א הויט, וואס טיילט זיי פאנאדער [ווען למשל, א צילינדער, ביי וועלכען דער דעק איז פערצויגען מיט א הויט, איז אנגעפילט מיט ספיריטוס און איז אריינגעשטעלט אין א כלי וואס איז פול מיט וואסער, וועט דאס וואסער דורכדרינגען דורך דער הויט אין צילינדער, דער ספיריטוס ווידער וועט דורכדרינגען אין כלי. דאס דורכדרינגען פון דער אויסערליכער פליסינקייט (וואסער) אין דער אינערליכער (ספיריטוס) רופט זיך "ענדאסמאס" און דאס דורכדרינגען פון דער אינערליכער פליסינקייט אין דער אויסערליכער רופט זיך "עקזאסמאס"]. ז. *endosmosis*.

exosmot'ic *a.* (עק-סאס-מאט׳-איק) וואס איז שייך צו עקזאסמאס. ז. *exosmosis*.

exosto'sis *n.* (עק-סאס-טאו׳-סיס) אן אנוואוקס אויף א ביין; אין באטאניק — אן אנוואוקס אויף׳ן שטאם אדער אויף׳ן ווארצעל פון א פלאנצע.

exostot'ic *a.* (עק-סאס-טאט׳-איק) וואס איז שייך צו אן אנוואוקס אויף א ביין.

exoter'ic *a. and n.* (עק-סא-טער׳-איק) עפענטליך, אויסווערטיג; אויסערליך [בנוגע צו די למודים אדער פילאזאפישע דאקטרינען וועלכע זיינען אפען פאר

אלעמען און ניט בלויז פאר יחידי סגולה]; איינער, פאר וועמען עס זיינען אפען נור די אלגעמיינע למודים און ניט סתרי תורה.

exoter'ical *a.* (עק-סא-טער'-אי-קעל) ז. *exoteric*

exoter'ically *adv.* (עק-סא-טער'-אי-קעל-אי) אויף אן עפענטליכען אופן.

exot'ic *a. and n.* (עג-זאט'-איק) אויסלענדיש, פרעמד, ניט קיין היגע; א זאך [ווי א פלאנצע א. ד. ג.] וואס איז אריגינעל געבראכט געווארען פון אויסלאנד און ווערט קולטיווירט דא, עקזאטיש.

exot'ical *a.* (עג-זאט'-אי-קעל) ז. *exotic*

exot'icism *n.* (עג-זאט'-אי-סיזם) דאס זיין פון דער פרעמד; עפעס וואס איז געבראכט פון דער פרעמד [ווי א פרעמד ווארט, א פרעמדע פלאנצע א. ד. ג.].

expand' *v.* (עקס-פענד') אויסציהען, אויסשפרייטען, אויסברייטען; זיך אויסשפרייטען; זיך אויסברייטען; זיך אויסציהען; אויפגעהן.

expan'der *n.* (עקס-פענ'-דער) עטוואס [ווי א מאשין] וואס ציהט אדער שפרייט פאנאנדער.

expanse' *n. and a.* (עקס-פענס') א ברייטער שטח; אן אויסגעברייטעטער רוים; די אויסשפרייטונג פון די פליגלען ביי א פויגעל, ד. ה. דער מרחק פון איין שפיץ פליגעל ביז צום צווייטען, ווען דער פויגעל האלט די פליגלען פאנאנדערגעשפרייט; בעזונדער, איינציג [איבערהויפט ווענען די יאהרען אין אלטע אסטראנאמישע טאבעלען].

expansibil'ity *n.* (עקס-פענ-סי-ביל'-אי-טי) אויסדעהנבארקייט, די פעהיגקייט זיך אויסצוברייטען אדער אויסצוציהען.

expan'sible *a.* (עקס-פענ'-סיבל) וואס קען אויסגעשפרייט אדער פאנאנדערגעצויגען ווערען.

expan'sibleness *n.* (עקס-פענ'-סיבל-נעס) ז. *expansibility*

expan'sibly *adv.* (עקס-פענ'-סי-בלי) אין אן אויסגעשפרייטער אדער אויסגעברייטער פארם.

expan'sile *a.* (עקס פענ'-סיל) ז. *expansible*

expan'sion *n.* (עקס-פענ'-שאן) אן אויסשפרייטונג, אן אויסברייטונג; א פערגרעסערונג; א פאנאדערציהונג; די עקספאנזיאן [אויסברייטונג] פון דאמפף אין דעם צילינדער פון א דאמפף-מאשין.

expan'sion-en'gine *n.* (עקס-פענ'-שאן-ענ'-דזשין) אן עקספאנזיאנס-דאמפף-מאשין [א דאמפף-מאשין, ביי וועלכער ניט דער גאנצער צילינדער ווערט אנגעפילט מיט דאמפף, נאר א טייל פון איהם. ווען א טייל פון צילינדער ווערט אנגעפילט מיט דאמפף, ווערט דער צוטריט פון נייעם דאמפף אבגעשלאסען און דער דאמפף וואס געפינט זיך אין צילינדער פאנגט אן זיך פאנאנדערצושפרייטען און טרייבט דעם קאלבען. די געוועהנליכע דאמפף-מאשינען זיינען אויף דעם פרינציפ געבויט].

expan'sion-gear *n.* (עקס-פענ'-שאן-גיער) די טיילען פון מעכאניזם אין א דאמפף-מאשין, וועלכע רעגולירען דעם אריינגאנג פון דאמפף פון קעסעל אין צילינדער.

expan'sionist *n.* (עקס-פענ'-שאן-איסט) אן אנהענגער פון דער פאליטיק אויסצוברייטען די גרענעצען פון א לאנד [ווי דורך איינגעהמען אדער קויפען פרעמדע טעריטאריעס].

expan'sion-joint *n.* (עקס-פענ'-שאן-דזשאינט) א פערבינדונג פון דאמפףרעהרען, וועלכע איז אויסגערעכענט אויף דעם איינפלוס פון די טעמפעראטור-ענדערונגען פון דעם דאמפף אויף די רעהרען.

expan'sion-valve *n.* (עקס-פענ'-שאן-וועלוו) דער עקספאנזיאן-שיעבער פון א דאמפף-צילינדער [דער שיעבער אדער דעקעל וואס שליסט אב דעם צוטריט פון נייעם דאמפף אין צילינדער, ווען דער צילינדער איז שוין ביז צו א געוויסען טייל אנגעפילט מיט דאמפף].

expan'sive *a.* (עקס-פענ'-סיוו) וואס ציהט זיך פאנאנדער אדער ברייטעט זיך אוים; ווייט אדער ברייט אויסגעשפרייט; פיעל אומפאסענד; פיהלענד, מיטפיהלענד.

expan'sive fac'ulty (עקס-פענ'-סיוו פעק'-אל-טי) די פעהיגקייט זיך אויסצושפרייטען, זיך פאנאנדערצושפרייטען אדער זיך אויסצוציהען.

expan'sive force (עקס-פענ'-סיוו פאורס) די עקספאנזיאנס-קראפט, די קראפט פון פאנאנדערשפרייטען אדער אויסציהען זיך.

expan'sively *adv.* (עקס-פענ'-סיוו-לי) דורך פאנאנדערשפרייטונג אדער אויסציהונג.

expan'siveness *n.* (עקס-פענ'-סיוו-נעס) די פעהיגקייט זיך פאנאנדערצושפרייטען אדער זיך אויסצוציהען.

ex-par'te *a.* (עקס-פאר'-טי) פון איין צד נור. ז. *ex parte*

ex par'te (עקס פאר'-טי) נור פון איין צד, אין בעצוג צו איין צד נור [ווענען שטרייטענדע צדדים אין א געריכטליכען פראצעס]; צום טייל, איינזייטיג.

A judge cannot decide on **ex parte** testimony.

expa'tiate *v.* (עקס-פיי'-שי-אייט) זיך אויסברייטען, זיך אויסשפרייטען; זיך פערברייטען איבער עפעס אין א געשפרעך.

expatia'tion *n.* (עקס-פיי-שי-איי'-שאן) די אויסברייטונג; די ברייטע ארומריידונג.

expa'tiator *n.* (עקס-פיי'-שי-איי-טאר) איינער וואס רעדט ארום ברייטליך.

expa'tiatory *a.* (עקס-פיי'-שי-איי-טא-רי) אויסברייטענדיג אדער אויסשפרייטענדיג זיך.

expa'triate *v.* (עקס-פיי'-טרי-אייט) ארויסשיקען אדער פערטרייבען פון פאטערלאנד; פערלאזען דאס פאטערלאנד און ווערען א בירגער אין אן אנדער לאנד.

expatria'tion *n.* (עקס-פיי-טרי-איי'-שאן) דאס פערטרייבען אדער ארויסשיקען פון פאטערלאנד; דאס פערלאזען דאס פאטערלאנד און ווערען א בירגער אין אן אנדער לאנד.

The United States contends for the right of **expatriation**.

expect' *v.* (עקס-פעקט') ערווארטען; האפען.

I **expect** company.

expec'table *a.* (עקס-פעק'-טעבל) וואס איז צו ערווארטען.

expec'tance *n.* (עקס-פעק'-טענס) ערווארטונג; האפנונג.

expec'tancy *n.* (עקס-פעק'-טענ סי) ז. *expectance*

expec'tant *a. and n.* (עקס-פעק'-טענט) ערווארטענד; האפענד; איינער וואס ערווארטעט אדער האפט; וואס איז שייך צו דער אויסווארטונגס-מעטאדע אין דער מעדיצין. ז. *expectant method*

expec'tantly *adv.* (עקס-פעק'-טענט-לי) מיט ערווארטונג, מיט האפנונג.

expec'tant meth'od (עקס-פעק'-טענט מעטה'-אד) די אויסווארטונגס-מעטאדע אין דער מעדיצין [די מעטאדע וואס ווערט אנגעווענדעט ביי געוויסע קראנקהייטען, ביי וועלכע דער קראנקער ווערט דירעקט ניט געהיילט און ווערט איבערגעלאזען אויף דער היילונגס-קראפט פון דער נאטור, ער ווערט נור אבגעהיט, אז די קראנקהייט זאל ניט נעהמען קיין שלעכטע ווענדונג אדער אז קיין אנדערע קראנקהייטען זאלען אין איהם ניט ארויסגערופען ווערען].

expecta'tion *n.* (עקס-פעק-טיי'-שאן) ערווארטונג; האפנונג; דאס וואס ווערט ערווארטעט; א גוטע אויסזיכט [עטוואס צו בעקומען]; די אויסווארטונגס-מעטאדע אין דער מעדיצין. ז. *expectant method*

expecta'tion of life (עקס-פעק-טיי'-שאן אוו לאיף) דער דורכשניטס לעבענסדויער וואס א פערזאן קען ערווארטען נאך א געוויסען עלטער.

expecta'tions *n.* (עקס-פעק-טיי'-שאנז) גוטע אויסזיכטען [עטוואס צו בעקומען].

expec'tative *n.* (עקס-פעק'-טיי-טיוו) עטוואס וואס ווערט ערווארטעט.

expec'tedly *adv.* (עקס-פעק'-טעד-לי) אויף אן ערווארטעטען אופן; ערווארטענדיג, האפענדיג.

expec'ter *n.* (עקס-פעק'-טער) איינער וואס ערווארטעט אדער האפט.

expec'tingly *adv.* (עקס-פעק'-טינג-לי) ערווארטענדיג, האפענדיג; מיט ערווארטונג, מיט האפנונג.

expec'tor *n.* (עקס-פעק'-טאר) ז. *expecter*

expec'torant *a. and n.* (עקס-פעק'-טא-רענט) וואס העלפט ארויסצוהוסטען ליחה; א מיטעל וואס פערלייכטערט דאס ארויסהוסטען ליחה.

expec'torate *v.* (עקס-פעק'-טא-רייט) ארויסהוסטען ליחה; שפייען.

Do not **expectorate** in public.

expectora'tion *n.* (עקס-פעק-טא-ריי'-שאן) ליחה; דאס ארויסהוסטען ליחה; דאס שפייען.

expec'torative *a. and n.* (עקס-פעק'-טא-ריי-טיוו) וואס ברייננט ארויס ליחה; א מיטעל וואס פערלייכטערט ארויסצוהוסטען ליחה.

expe'dience *n.* (עקס-פי'-די-ענס) ז. *expediency*

expe'diency *n.* (עקס-פי'-די-ענ-סי) טויגליכקייט; צונעפאסטקייט; געשיקטקייט; דאס צופאסען זיך צו די אומשטענדען; דאס טהאן וואס עס איז אם פראקטישסטען אונטער געוויסע אומשטענדען.

expe'dient *a. and n.* (עקס-פי'-די-ענט) 1. טויגליך, שיקליך, פאסענד, געהעריג; 2. א מיטעל, אן אויסוועג, א פלאן.

1. It is not always **expedient** to assert one's rights. 2. An **expedient** was found to avoid a lawsuit.

expedien'tial *a.* (עקס-פי-די-ענ'-שעל) טויגליך, צוגעפאסט; וואס איז צוגעפאסט צום מאמענט.

expedien'tially *adv.* (עקס-פי-די-ענ'-שעל-אי) אויף א צוגעפאסטען אופן; אויף אן אופן וואס איז צוגעפאסט צום מאמענט.

expe'diently *adv.* (עקס-פי'-די-ענט-

לי) אויף א צוגעפאסטען אופן ; בעקוועמליך.

exped'itate *v.* (עקס-פער'-אי-טייט) אבהאקען די נעגעל פון די פיס פון א הונד, אז ער זאל מעהר ניט קענען גענוצט ווערען פאר יאגד.

ex'pedite *v.* (עקס'-פי-דאיט) פערשנעלערען, פערגיכערען ; אויספערטיגען, עקספעדירען, אבשיקען.

ex'peditely *adv.* (עקס'-פי-דאיט-לי) ז. *expeditiously*

expedi'tion *n.* (עקס-פי-דיש'-אן) אן אויספארטיגונג, אן אויסריכטונג פאר א רייזע ; אן עקספעדיציאן ; א קריעגס=צוג, א מחנה סאלדאטען וואס געהען אויף מלחמה ; א וואנדער=געזעלשאפט ; א רייזע=אונטערנעהמונג ; געשווינדקייט, פלינקקייט, שנעלקייט.

expedi'tionary *a.* (עקס-פי-דיש'-אנ-ע-רי) וואס געהערט צו אן עקספעדיציאן, צו א קריעגס=צוג אדער צו א רייזע=אונטערנעהמונג.

expedi'tious *a.* (עקס-פי-דיש'-אס) שנעל, פלינק, לעבעדיג.

expedi'tiously *adv.* (עקס-פי-דיש'-אס-לי) אויף א שנעלען אדער פלינקען אופן ; מיט לעבעדיגקייט, מיט געשווינדקייט.

expedi'tiousness *n.* (עקס-פי-דיש'-אס-נעס) שנעליגקייט ; פלינקקייט.

expel' *v.* (עקס-פעל') אויסשליסען ; ארויסיאגען, ארויסטרייבען, ארויסווארפען, ארויסשטויסען.

expel'lable *a.* (עקס-פעל'-עבל) וואס קען ארויסגעטריבען ווערען אדער אויסגעשלאסען ווערען.

expel'lant *a. and n.* (עקס-פעל'-ענט) וואס שטויסט ארויס, וואס פיהרט אב ; אן אבפיהרונגס=מיטעל.

expel'ler *n.* (עקס-פעל'-ער) אן ארויסיאגער, אן ארויסטרייבער ; אן אויסשליסער.

expend' *v.* (עקס-פענד') אויסגעבען; פערווענדען, געברויכען ; אויסלעגען.

expen'dable *a.* (עקס-פענ'-דעבל) וואס קען אויסגעגעבען ווערען ; וואס קען פערווענדעט אדער פערברויכט ווערען.

expen'der *n.* (עקס-פענ'-דער) אן אויסגעבער, א פערווענדער, א פערברויכער.

expen'diture *n.* (עקס-פענ'-די-טשור) אויסגאבע, הוצאה ; פערווענדונג, פערברויך.

expense' *n.* (עקס-פענס') אויסגאבע, קאסטען, הוצאות.

expense'less *a.* (עקס-פענס'-לעס) אהן קאסטען.

expen'sive *a.* (עקס-פענ'-סיוו) קאסטשפיליג, טייער.

expen'sively *adv.* (עקס-פענ'-סיוו-לי) אויף א קאסטשפיליגען אופן ; מיט גרויסע אויסגאבען.

expen'siveness *n.* (עקס-פענ'-סיוו-נעס) קאסטשפיליגקייט, טייערקייט ; געלד=פערשווענדונג.

expe'rience *n. and v.* (עקס-פי'-רי-ענס) ערפאהרונג, פראקטיק ; מאכען ערפאהרונגען ; ערפאהרען ; פערזוכען, מיטמאכען.

expe'rienced *a.* (עקס-פי'-רי-ענסט) ערפאהרען ; פראקטיצירט.

expe'riencer *n.* (עקס-פי'-רי-ענ-סער) איינער וואס מאכט עקספערימענטען אדער פראבעס.

expe'rience relig'ion (עקס-פי'-רי-ענס רי-לידזש'-אן) בעקעהרען זיך צו א געוויסער אמונה ; איבער'שמד'ען זיך ; פרום ווערען.

experien'tial *a.* (עקס פי-רי-ענ'-שעל) וואס קומט פון ערפאהרונג.

experien'tialism *n.* (עקס-פי-רי-ענ'-שעל-איזם) עקספעריענטיאליזם, די טעאריע, אז אונזער גאנצע וויסענשאפט אדער וויסען איז גענומען פון ערפאהרונג און מוז אויף שטימען מיט דער ערפאהרונג.

experien'tialist *n.* (עקס-פי-רי-ענ'-שעל-איסט) אן אנהענגער פון עקספעריענטיאליזם. ז. *experientialism*

exper'iment *n. and v.* (עקס-פער'-אי-מענט) אן עקספערימענט, א פערזוך, א פראבע ; מאכען אן עקספערימענט.

experimen'tal *a.* (עקס-פער-אי-מענ'-טעל) עקספערימענטאל, וואס איז געבויט אויף ערפאהרונג, פראקטיק אדער אויף פראבעס.

experimen'talist *n.* (עקס-פער-אי-מענ'-טעל-איסט) אן עקספערימענטאליסט, איינער וואס מאכט עקספערימענטען אדער פראבעס.

experimen'tally *adv.* (עקס-פער-אי-מענ'-טעל-אי) אויף אן עקספערימענטאלען שטייגער ; דורך פראבעס און בעאבאכטונגען.

experimen'tal philos'ophy (עקס-פער-אי-מענ'-טעל פי-לאס'-א-פי) עקספערימענטאלע פילאזאפיע [די פילאזאפיע, וועלכע אנערקענט ניט קיין שום אבסאלוטע ווארהייטען א.ז. בויט זיך דער עיקר אויף עקספערימענטען און בעאבאכטונגען].

experimen'tal relig'ion (עקס-פער-אי-מענ'-טעל רי-לידזש'-אן) רעליגיאן, וועלכע בויט זיך אויף אמת'ער פרומקייט און גאטספארכטיגקייט און בענוגענט זיך ניט מיט די פארמאלע רעליגיעזע צערעמאניעס און זיטען.

experimenta'tion *n.* (עקס-פער-אי-מענ-טיי'-שאן) דאס עקספערימענטירען, דאס מאכען פערשיעדענע פראבעס און בעאבאכטונגען.

experimen'tative *a.* (עקס-פער-אי-מענ'-טע-טיוו) עקספערימענטאל; וואס איז געבויט אויף בעאבאכטונגען און פראבעס.

exper'imenter *n.* (עקס-פער'-אי-מענ-טער) איינער וואס מאכט עקספערימענטען, א פראבען=מאכער, איינער וואס פרובירט.

exper'imentist *n.* (עקס-פער'-אי-מענ-טיסט) דער עקספערימענטירער, דער פראבען=מאכער.

experimen'tum *n.* (עקס-פער-אי-מענ'-טאם) אן עקספערימענט, א פראבע.

ex'pert *n.* (עקס'-פוירט) אן עקספערט, א געניטער אין עפעס ; א מייסטער אין זיין פאך.

expert' *a. and v.* (עקס-פוירט') ערפאהרען, געניט ; אונטערזוכען אדער איבערקוקען אלס אן עקספערט.

expert'ly *adv.* (עקס-פוירט'-לי) מעשה עקספערט ; מיט קענטניס פון דער זאך.

expert'ness *n.* (עקס-פוירט'-נעס) קענטניס פון דער זאך ; ערפאהרענהייט, געניטקייט.

ex'piable *a.* (עקס'-פי-עבל) וואס קען פערגעבען ווערען, אויף וואס מען קען מוחל זיין.

ex'piate *v.* (עקס'-פי-אייט) תשובה טהאן, גוט מאכען ; צופרידענשטעלען.

expia'tion *n.* (עקס-פי-איי'-שאן) תשובה, גוט=מאכונג, צופרידענשטעלונג.

ex'piatist *n.* (עקס'-פי-איי-טיסט) ז. *expiator*

ex'piator *n.* (עקס'-פי-איי-טאר) א בעל תשובה.

ex'piatory *a.* (עקס'-פי-איי-טא-רי) וואס טהוט תשובה, גוט=מאכענד ; פערגלעטענד [א זינד].

ex'piatory sac'rifice (עקס'-פי-איי-טא-רי סעק'-רי-פאיס) א קרבן חטאת.

expir'able *a.* (עקס-פאיר'-עבל) שטערבליך, וואס קען אדער וואס דארף זיך ענדיגען.

expira'tion *n.* (עקס-פי-ריי'-שאן) דאס אויסאטהמען ; דער סוף, דאס ענדע ; דער לעצטער אטהעמצוג, דער טויט.

ex'pirator *n.* (עקס'-פי-ריי-טאר) אן אפאראט אדער פארריכטונג ארויסצולאזען די לופט אין דרויסען.

expir'atory *a.* (עקס-פאיר'-ע-טא-רי) וואס געהערט צום אויסאטהמען.

expire' *v.* (עקס-פאיר') אויסאטהמען ; זיך ענדיגען ; שטארבען.

expir'ing *a.* (עקס-פאיר'-אינג) אויסאטהמענד ; שטארבענד.

ex'piry *n.* (עקס'-פי-רי) דאס אויסגעהן, דאס קומען צו א סוף, דאס שטארבען.

expis'cate *v.* (עקס-פיס'-קייט) אויסזוכען ; אויסגעפינען דורך א שטרענגער אונטערזוכונג.

expisca'tion *n.* (עקס-פיס-קיי'-שאן) דאס אויסגעפינען דורך א שטרענגער אונטערזוכונג.

ex'piscator *n.* (עקס'-פיס-קיי-טאר) איינער וואס געפינט עפעס אויס דורך א שטרענגער אונטערזוכונג.

explain' *v.* (עקס-פליין') ערקלערען, מאכען קלאר, געבען צו פערשטעהן.

explai'nable *a.* (עקס-פליי'-נעבל) ערקלערליך, ערקלערבאר ; וואס מען קען געבען צו פערשטעהן.

explain' away' (עקס-פליין' ע-הוויי') מאכען צו נישט אדער פטור ווערען פון עפעס דורך ערקלערונג.

explai'ner *n.* (עקס-פליי'-נער) אן ערקלערער, א מתורגמן.

ex'planate *a.* (עקס'-פליי-נייט) אין זאאלאגיע און באטאניק — פלאך, אויסגעשפרייט.

explana'tion *n.* (עקס-פליי-ניי'-שאן) 1. אן ערקלערונג, קלאר=מאכונג ; 2. דאס אנגעבען אן אורזאכע אדער ענטשולדיגונג.

1. The teacher gave an **explanation** of the lesson. 2. The manager demanded an **explanation** of my absence.

explan'ative *a.* (עקס-פלענ'-ע-טיוו) ז. *explanatory*

explan'atorily *adv.* (עקס-פלענ'-ע-טא-רי-לי) אויף אן אופן פון אן ערקלערונג ; מיט דער אבזיכט צו ערקלערען ; ערקלערענדיג.

explan'atoriness *n.* (עקס-פלענ'-ע-טא-רי-נעס) ערקלערליכקייט.

explan'atory *a.* (עקס-פלענ'-ע-טא-רי) ערקלערענד ; וואס האט דעם כאראקטער פון אן ערקלערונג ; וואס בעאבזיכטיגט צו ערקלערען אדער קלאר צו מאכען.

ex'pletive *a. and n.* (עקס'-פלי-טיוו) אויספילענד, וואס דיענט אויסצופילען א לעדיגען פלאץ [הויפטזעכליך וועגען ווערטער], אן אויספילונגס=ווארט, א ווארט וואס ווערט געברויכט אום אויסצופילען א שורה אין א געדיכט, כאטש מען דארף עס ניט האבען, אדער אזא ווארט וואס ווערט בכלל געברויכט צו פערשעהנערען אן אויסדרוק [ווי למשל, דאס ווארט "טהאן" אין

דעם אויסדרוק: ”ער האט געטהאן קלאגען“].

ex'pletively *adv.* (עקס'-פלי-טיוו-לי) אין דער פארם פון אן אויספילונג אדער אויספילונגס=ווארט. ז. *expletive*

ex'pletory *a.* (עקס'-פלי-טא-רי) אויספילענד, איבריג, ניט נויטיג. ז. *expletive*

ex'plicable *a.* (עקס'-פלי-קעבל) ערקלערבאר; וואס קען געמאכט ווערען קלאר אדער פערשטענדליך, וואס קען אויסגעטייטשט ווערען.

ex'plicate *v. and a.* (עקס'-פלי-קייט) ערקלערען, קלאר אדער פערשטענדליך מאכען; אויסטייטשען; מאכען א פירוש; געמאכט קלאר אדער פערשטענדליך; אויסגעטייטשט.

explica'tion *n.* (עקס-פלי-קיי'-שאן) ערקלערונג, קלאר=מאכונג, אויסטייטשונג, פירוש.

ex'plicative *a.* (עקס'-פלי-קיי-טיוו) ערקלערענד, קלאר מאכענד, אויסטייטשענד.

ex'plicator *n.* (עקס'-פלי-קיי-טאר) אן ערקלערער, אן אויסטייטשער, א מפורש.

ex'plicatory *a.* (עקס'-פלי-קיי-טא-רי) ז. *explicative*

explic'it *a.* (עקס-פליס'-איט) דייטליך, קלאר, בעשטימט, אויסדריקליך, אויסגעשפראכען.

Please give me an **explicit** answer.

explic'itly *adv.* (עקס-פליס'-איט-לי) אויף א קלארען, דייטליכען, בעשטימטען, אויסדריקליכען אדער אויסגעשפראכענעם אופן.

explic'itness *n.* (עקס-פליס'-איט-נעס) קלארקייט, דייטליכקייט, בעשטימטהייט, אויסדריקליכקייט, אויסגעשפראכענקייט.

explode' *v.* (עקס-פלאוד') עקספלאדירען, אויפרייסען, אויפפלאצען, אויפגעריסען ווערען; אין פיזיאלאגיע — פלוצלונג ארויסברייגנען, פלוצלונג ערשיינען, ענטוויקלען שנעל און מיט קראפט; פערניכטען, אבשאפען, אוועקמאכען, פערווארפען, מאכען צו נישט.

explo'dent *n.* (עקס-פלאו'-דענט) אייינער פון די קאנסאנאנטען וואס אום זיי אויסצושפרעכען מוז מען האסטיג און אבגעהאקט ארויסלאזען דעם אטהעם [צום ביישפיעל: ק, פ, ט].

explo'der *n.* (עקס-פלאו'-דער) איינער אדער עטוואס וואס עקספלאדירט אדער רייסט אויף; איינער וואס פייפט אויס [אן אקטיאר].

explo'ding charge (עקס-פלאו'-דינג טשארדזש) דער שאס פון א הארמאט.

exploit' *n. and v.* (עקס-פלאיט') א טהאט, אן אויפטהו; א גרויסע טהאט, א העלדענטהאט; פאלשטענדיג אויסנוצען, בעארבייטען, קולטיווירען; אויסנוצען פאר אייגענניציגע צוועקען, ניט רעכענענדיג זיך מיט רעכט און יושר; עקספלואטירען; פארשען.

exploi'table *a.* (עקס-פלאי'-טעבל) וואס מען קען אויסנוצען, בעארבייטען אדער קולטיווירען; וואס מען קען אויסנוצען אויף אן אייגענניציגען שטייגער; וואס מען קען עקספלואטירען.

exploi'tage *n.* (עקס-פלאי'-טעדזש) עקספלואטאציאן, דאס אויסנוצען פאר אייגענניציגע צוועקען, ניט רעכענענדיג זיך מיט רעכט און יושר.

exploita'tion *n.* (עקס פלאי-טיי' שאן) אויסנוצונג, בעארבייטונג, קולטיווירונג; אויסנוצונג פאר אייגענניציגע צוועקען, ניט רעכענענדיג זיך מיט רעכט און יושר; עקספלואטאציאן.

exploi'tative *a.* (עקס-פלאי'-טע-טיוו) אויסנוצענדיג, בעארבייטענדיג, קולטיווירענדיג, עקספלואטירענדיג.

exploi'ter *n.* (עקס-פלאי'-טער) איינער וואס נוצט אויס, בעארבייט, ענטוויקעלט, קולטיווירט; איינער וואס נוצט אויס אויף אן אייגענניציגען שטייגער; אן עקספלואטאטאר.

explor'able *a.* (עקס-פלאור'-עבל) וואס קען גענוי אונטערזוכט ווערען אדער אויסגעפארשט ווערען.

explora'tion *n.* (עקס-פלא-ריי'-שאן) זוכונג, אונטערזוכונג, פארשונג, אויספארשונג [הויפטזעכליך פון א לאנד אדער מיט דעם צוועק צו מאכען אן ענטדעקונג].

explor'ative *a.* (עקס-פלאור'-ע-טיוו) אונטערזוכענד, פארשענד, אויספארשענד.

ex'plorator *n.* (עקס'-פלא-ריי-טאר) ז. *explorer*

explor'atory *a.* (עקס-פלאור'-איי-טא-רי) ז. *explorative*

explore' *v.* (עקס-פלאור') אונטערזוכען, פארשען, אויספארשען.

explor'er *n.* (עקס-פלאור'-ער) א פארשער, אן אויספארשער [הויפטזעכליך פון אונבעקאנטע לענדער אדער מיט דעם צוועק צו מאכען אן ענטדעקונג].

explor'ing *a.* (עקס-פלאור'-אינג) אונטערזוכענד, פארשענד, אויספארשענד.

explor'ing expedi'tion (עקס-פלאור'-אינג עקס-פי-דיש'-אן) א פארשונגס=עקספעדיציע [א גרופע פון געלעהרטע, וואס פאהרען ארויס צו פארשען].

explor'ing tour (עקס-פלאור'-אינג טוהר) א פארשונגס=רייזע, אן ענטדעקונגס=רייזע.

explo'sible *a.* (עקס-פלאו'-זיבל) וואס קען עקספלאדירען אדער אויפגעריסען ווערען.

explo'sion *n.* (עקס-פלאו'-זשאן) עקספלאזיאן, אויפרייסונג, צופלאצונג; אויסברוך.

explo'sive *a. and n.* (עקס-פלאו'-סיוו) עקספלאדירענד, אויפפלאצענד, אויסברעכענד, צושפרינגענד; וואס ווערט אויסגעשפראכען אזוי, אז מען מוז דערביי האסטיג און אבגעהאקט ארויסלאזען דעם אטהעם [וועגען קאנסאנאנטען, ווי ק, פ, ט.]; א קאנסאנאנט וואס ווערט אזוי אויסגעשפראכען; אן עקספלאדירענדער שטאף.

explo'sive air (עקס-פלאו'-סיוו עהר) אויפרייסענדער גאז.

explo'sive force (עקס-פלאו'-סיוו פאורס) אויפרייסונגס=קראפט.

explo'sively *adv.* (עקס-פלאו'-סיוו-לי) דורך אויפרייסונג; עקספלאדירענדיג.

explo'siveness *n.* (עקס-פלאו'-סיוו-נעס) דאס האבען די פעהיגקייט צו עקספלאדירען; אויפרייסבארקייט.

explo'sive sub'stance (עקס-פלאו'-סיוו סאב'-סטענס) אויפרייסונגס=שטאף, עקספלאדירענדער שטאף.

expo'nent *a. and n.* (עקס-פאו'-נענט) פארשטעלענדיג, פערטרעטענדיג, אויסדריקענדיג, דיענענדיג אלס ביישפיעל, ערקלערענדיג, אויסטייטשענדיג; איינער וואס ערקלערט, דריקט אויס אדער פערטרעט; א מפורש; א ביישפיעל; אין אלגעברא — אן עקספאנענט, א כפל=אנצייגער [א צאהל איבער אן אנדער צאהל, וואס צייגט וויפיעל מאל יענע צאהל ווערט געכפל'ט אויף זיך אליין, ווי למשל 3^2 אדער a^3].

exponen'tial *a.* (עקס-פא-נענ'-שעל) וואס געהערט צו אן עקספאנענט אדער כפל=אנצייגער. ז. *exponent*

exponen'tial equa'tion (עקס-פא-נענ'-שעל אי-קהוויי'-שאן) אן עקספאנענטאלע גלייכונג [אזא גלייכונג, וואו מען דארף אויסגעפינען דעם עקספאנענט אדער כפל=אנצייגער, ווי צ. ב. $7^x=5$, וואו דער כפל=אנצייגער פון 7 איז אונבעוואוסט].

exponen'tial quan'tity (עקס-פא-נענ'-שעל קהוואנ'-טי-טי) א צאהל וואס האט אן עקספאנענט אדער כפל=אנצייגער. ז. *exponent*

export' *v.* (עקס-פאורט') עקספארטירען, ארויספיהרען [סחורות] פון איין לאנד אין צווייטען אדער פון איין געגענד אין דער צווייטער.

ex'port *n.* (עקס'-פאורט) עקספארט; אויספוהר [פון סחורות פון איין לאנד אין צווייטען אדער פון איין געגענד אין דער צווייטער]; סחורות, וואס ווערען ארויסגעפיהרט פון איין לאנד אין א צווייטען אדער פון איין געגענד אין א צווייטער.

expor'table *a.* (עקס-פאור'-טעבל) וואס קען עקספארטירט ווערען אדער ארויסגעפיהרט ווערען פון איין לאנד אין צווייטען אדער פון איין געגענד אין דער צווייטער.

expor'table ar'ticles (עקס-פאור'-טעבל אר'-טיקלז) ז. *exportable goods*

expor'table goods (עקס-פאור'-טעבל גודז) סחורות וואס מען עקספארטירט אדער פיהרט ארויס פון לאנד.

exporta'tion *n.* (עקס-פאור-טיי'-שאן) עקספארט, ארויספוהר [פון סחורות נאך אויסלאנד אדער אין אן אנדער געגענד אין דעמזעלבען לאנד]; דאס עקספארטירען; די עקספארטירטע סחורות.

ex'port du'ty (עקס'-פאורט דיו'-טי) שטייערען אויף ארויסגעפיהרטע סחורות.

expor'ter *n.* (עקס-פאור'-טער) אן עקספארט=הענדלער, א סוחר וועלכער שיקט ווארע נאך אן אנדער לאנד אדער נאך אן אנדער געגענד אין דעמזעלבען לאנד.

ex'port-house *n.* (עקס'-פאורט-האוס) אן עקספארט=פירמע.

ex'port-trade *n.* (עקס'-פאורט-טרייד) עקספארט=האנדעל.

expo'sal *n.* (עקס-פאו'-זעל) ז. *exposure*

exposé' *n.* (עקס-פא-זיי') אן אויספיהרליכער בעריכט אדער ערקלערונג; ארויסשטעלונג, ענטבלויזונג, אויפדעקונג [איבערהויפט פון שלעכטע מענשען אדער טהאטען].

expose' *v.* (עקס-פאוז') 1. ארויסשטעלען, אויסשטעלען; 2. אויפדעקען, ענטבלויזען, ארויסשטעלען אין דער ריכטיגער פארב; 3. שטעלען אונטער דער ווירקונג פון עפעס; 4. אויסזעצען [צו געפאהר, ליידען, קעלט א. ד. ג.]; מאכען אונבעשיצט; 5. אוועקלעגען אדער איבערלאזען אין אן אונבעשיצטען פלאץ אדער צושטאנד [ווי א פערלאזען קינד]; 6. ערקלערען, דארלעגען [א טעאריע אדער לעהרע].

2. The investigation **exposed** the corruption of the government. 3. He became sick because he was **exposed** to the bad weather. 4. The city was **exposed** to attack from the enemy.

exposed' *a.* (עקס-פאוזד') ניט בעדעקט, ניט צוגעדעקט, אפען; אונבעשיצט.

expo'sedness *n.* (עקס-פאו'-זעד-נעס)

דאס זיין ארויסגעשטעלט, אויפגעדעקט, אפען, אונבעשיצט אדער אויסגעזעצט [צו פערשידענע ווירקונגען, געפאהר א. ד. ג.]; דאס זיין פערלאזען.

expo'ser *n.* (עקס-פאו'-זער) איינער וואס דעקט אויף אדער שטעלט ארויס אין דער ריכטיגער געשטאלט [איבערהויפט שלעכטע מענשען און טהאטען].

exposi'tion *n.* (עקס-פא-זיש'-אן) אן אויסשטעלונג; אויפדעקונג, ענטבלויזונג; דארלעגונג, ערקלערונג [פון א לעהרע, טעאריע א. ד. ג.]; אויסזעצונג [צו געפאהר]; אין לאגיק — דאס בעווייזען אלגעמיינעס אדער אבסטראקטעס דורך א קאנקרעטען ביישפיעל; אין דראמא — דער טייל, וואו דער גרונד-אינהאלט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון ענטוויקלונג.

expos'itive *a.* (עקס-פאז'-אי-טיוו) ערקלערענד, דארלעגענד, פערטייטשענד.

expos'itor *n.* (עקס-פאז'-אי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ערקלערט אדער פערטייטשט.

expos'itory *a.* (עקס-פאז'-אי-טא-רי) ערקלערענד, דארלעגענד, פערטייטשענד; אין לאגיק — געברויכט אלס ביישפיעל, וואס בעציהט זיך אויף אן איינצעלנע זאך.

ex post fac'to law (עקס פאוסט פעק-טאו לאה) דאס צוריקווירקענדע געזעץ, א געזעץ וועגען בעשטראפען פאר א געוויסען פערברעכען וואס איז בעגאנגען געווארען איידער דאס געזעץ איז אנגענומען געווארען; א געזעץ וואס קען אנגעווענדעט ווערען אויף פערברעכענס, וועלכע זיינען בעגאנגען געווארען איידער דאס געזעץ איז אנגענומען געווארען.

expos'tulate *v.* (עקס-פאס'-טשו-לייט) פארווארפען, אויסרעדען; פראטעסטירען, ארויסטרעטען מיט טענות געגען אימעצען אדער עפעס.

expostula'tion *n.* (עקס-פאס-טשו-ליי'-שאן) א פראטעסט, א פארוואורף, אן אויסרייד; א קלאגע; טענות.

expos'tulator *n.* (עקס-פאס'-טשו-ליי-טאר) איינער וועלכער פראטעסטירט אדער מאכט א פארוואורף.

expos'tulatory *a.* (עקס-פאס'-טשו-ליי-טא-רי) וואס ענטהאלט א פארוואורף אדער פראטעסט.

expos'ture *n.* (עקס-פאס'-טשור) ז. *exposure*.

expo'sure *n.* (עקס-פאו'-זשור) די אויפדעקונג; די אויסזעצונג; דאס זיין ארויסגעשטעלט [ווי צו א געפאהר א. ד. ג.]; דאס וואס איז ארויסגעשטעלט; אין פאטאגראפיע — דאס ארויסשטעלען אדער דאס זיין ארויסגעשטעלט אונטער דער ווירקונג פון ליכט-שטראהלען; די לאגע פון אן ארט בנוגע צו דער זון אדער צו די פאלען פון א קאמפאס.

expound' *v.* (עקס-פאונד') ערקלערען.

expoun'der *n.* (עקס-פאונ'-דער) אן ערקלערער.

express' *v., a., n. and adv.* (עקס-פרעס') אויספרעסען; אויסדריקען עפעס אין רייד; ערקלערען, פארשטעלען; בעצייכנען; בעקאנט מאכען; אויסדריקליך; זעהר גוט צוגעפאסט, געטראפען; פינקטליך; א ספעציעלער שליח; אן איבערשיקונגס-מיטעל [פון געפעק א. ד. ג.]; אויף אן אויסדריקליכען אופן; בפירוש; ספעציעל.

express'age *n.* (עקס-פרעס'-איידזש) די קאסטען פון אריבערפיהרען עפעס אויף א וואגאן; קאסטען פון פראכט-זאכען וועלכע ווערען געשיקט דורך פראכט.

express'-boat *n.* (עקס-פרעס'-באוט) א פאסט דאמפף-שיף.

express'-car *n.* (עקס-פרעס'-קאר) א וואגאן פון א שנעלל-צוג אריבערצופיהרען לייכטע משאות.

express'ible *a.* (עקס-פרעס'-איבל) אויספרעסבאר; אויסשפרעכליך; וואס קען אויסגעדריקט אדער בעוויזען ווערען.

express'ibly *adv.* (עקס-פרעס'-איב-לי) אויף אן אויסדריקליכען שטייגער.

expres'sion *n.* (עקס-פרעש'-אן) דאס אויספרעסען; אן אויסדרוק; אן ערקלערונג; די ארט פון אויסדריקען די געדאנקען אדער געפיהלען; דאס וואס איז אויסגעדריקט.

expres'sional *a.* (עקס-פרעש'-אנ-על) אויסדריקליך; וואס איז שייך צו אן אויסדרוק; וואס פערקערפערט א געוויסע אידעע אדער געפיהל [וועגען א קונסטווערק]; וואס איז שייך צו א ליטעראר-ישען אויסדרוק אדער פראזע.

expres'sionless *a.* (עקס-פרעש'-אנ-לעס) אהן אן אויסדרוק.

expres'sion-mark *n.* (עקס-פרעש'-אנ-מארק) אין מוזיק — א צייכען, וועלכער ווייזט אין די נאטען ווי אזוי געוויסע טענער דארפען אויסגעדריקט ווערען.

express'ive *a.* (עקס-פרעס'-איוו) אויסדריקענד, אויסדרוקספאל; וואס דיענט אויסצודריקען עפעס.

express'ively *adv.* (עקס-פרעס'-איוו-לי) אויף אן אויסדרוקספאלען שטייגער.

express'iveness *n.* (עקס-פרעס'-איוו-נעס) אויסדריקליכקייט, די שטארקייט פון אויסדרוק אין רעדען.

express'ly *adv.* (עקס-פרעס'-לי) אויף אן אויסדריקליכען שטייגער; אויסדריקליך, בעשטימט.

express'man *n.* (עקס-פרעס'-מען) א בעל-עגלה; איינער וואס איז בעשעפטיגט ביי טראנספארט-געזעלשאפטען.

express' par'cels (עקס-פרעס' פאר'-סעלז) געפעק וואס ווערען אבגעשיקט דורך א טראנספארטיר-קאמפאניע.

express'-train *n.* (עקס-פרעס'-טריין) א שנעלל-צוג.

ex profes'so (עקס פרא-פעס'-או) אפענע נערהייט; לויט דער פראפעסיאן אדער בעשעפטיגונג.

expro'priate *v.* (עקס-פראו'-פרי-אייט) עקספראפריאירען, אוועקנעהמען דאס אייגענטום.

expropria'tion *n.* (עקס-פראו-פרי-איי'-שאן) עקספראפריאציאן, דאס אוועקנעהמען איינעמס אייגענטום.

expugn' *v.* (עקס-פיון') נעהמען מיט שטורם; איינגעהמען; בעזיגען.

expug'nable *a.* (עקס-פיו'-נעבל) וואס קען איינגענומען ווערען.

expugna'tion *n.* (עקס-פאג-ניי'-שאן) דאס נעהמען מיט שטורם; דאס איינגעהמען, די בעצווינגונג.

expulse' *v.* (עקס-פאלס') ארויסטרייבען, אויסקיגען.

expul'sion *n.* (עקס-פאל'-שאן) די ארויסטרייבונג; די פערטריבונג.

expul'sive *a.* (עקס-פאל'-סיוו) פערטרייבענד; וואס קען פערטרייבען.

expunc'tion *n.* (עקס-פאנק'-שאן) דאס אויסשטרייכען, דאס פערשטרייכען, דאס אויסמעקען.

expunge' *v.* (עקס-פאנדזש') אויסשטרייכען פערשטרייכען, אויסמעקען; פערניכטען.

expun'ger *n.* (עקס-פאנ'-דזשער) אן אויסמעקער, אן אויסשטרייכער.

expur'gate *v.* (עקס-פויר'-גייט) רייניגען; אויסמעקען; רייניגען פון פעהלער, אויסשטרייכען פון א בוך אזעלכע שטעלען וואס זיינען נעגען מאראל אדער געגען די יסודות פון רעליגיאן.

expurga'tion *n.* (עקס-פויר-גיי'-שאן) רייניגונג; דאס ריין מאכען פון פעהלער; דאס אויסשטרייכען פון א בוך אזעלכע שטעלען וואס זיינען נעגען מאראל אדער רעליגיאן.

ex'purgator *n.* (עקס'-פויר-גיי-טאר) איינער וואס רייניגט אויס אדער מעקט אויס [בעזאנדערס די פעהלער פון א בוך].

expurgato'rial *a.* (עקס-פויר-גיי-טאו-רי-על) ז. *expurgatory*.

expur'gatory *a.* (עקס-פויר'-גיי-טא-רי) רייניגענד; רייניגענד פון פעהלער; אויסמעקענד.

expur'gatory in'dex (עקס-פויר'-גיי-טא-רי אינ'-דעקס) דאס פערצייכניס פון ביכער, וועלכע זיינען פון פאפסט פערבאטען.

ex'quisite *a. and n.* (עקס'-קהווי-זיט) וואויל, שעהן, אויסגעצייכענט, דעליקאט, פיין, איידעל, עלעגאנט, פיקאנט; אן עלעגאנטער מענש, א פראנט.

She shows **exquisite** taste in the furnishing of her house.

ex'quisitely *adv.* (עקס'-קהווי-זיט-לי) ז. *exquisite*.

ex'quisiteness *n.* (עקס'-קהווי-זיט-נעס) גוטקייט, וואוילקייט, פארטרעפליכקייט; העפטינקייט, שטארקייט, הארטקייט.

exsan'guinate *v.* (עק-סענ'-גהווי-נייט) ווערען בלוטלאז.

exsan'guine *a.* (עק-סענ'-גהווין) בלוטלאז, וואס האט נים קיין בלוט.

exsan'guined *a.* (עק-סענ'-גהווינד) בלוטלאז; בלוט-ארעם; בלייך.

exsanguin'ity *n.* (עק-סען-גהווינ'-אי-טי) בלוטלאזינקייט, בלוט-ארעמקייט.

exsan'guinous *a.* (עק-סענ'-גהווי-נאס) בלוט-ארעם, בלוטלאז.

exscind' *v.* (עק-סינד') אבשניידען, אויסשניידען.

exscrip'tural *a.* (עק-סקריפ'-טשו-רעל) וואס איז נים פאראן אין די הייליגע שריפטען.

exsculp'tate *a.* (עק-סקאלפ'-טייט) וואס איז געקארבט [וועגען דער אויבערפלעכע פון געוויסע אינזעקטען].

exsect' *v.* (עק-סעקט') אויסשניידען.

exsec'tion *n.* (עק-סעק'-שאן) די אויסשניידונג.

exsert' *a.* (עק-סורט') ארויסגעשטארצט.

exser'ted *a.* (עק-סויר'-טעד) וואס שטארצט ארויס.

exser'tile *a.* (עק-סויר'-טיל) וואס קען ארויסשטארצען; וואס איז ארויסגעשטארצט.

exsic'cant *a. and n.* (עק-סיק'-ענט) וואס טריקענט אויס; וואס האט די אייגענשאפט טרוקען צו מאכען; א מעדיצין וואס האט די אייגענשאפט צו מאכען טרוקען.

exsic'cate *v.* (עק-סיק'-אייט) אויסטריקענען, טרוקען מאכען.

exsicca'tion *n.* (עק-סי-קיי'-שאן) דאס אויסטריקענען, דאס טרוקען מאכען.

exsic'cative *a. and n.* (עק-סיק'-איי-טיוו) וואס קען אויסטריקענען, וואס קען טרוקען מאכען; א מיטעל צום טריקענען.

ex'siccator *n.* (עק'-סי-קיי-טאר) א פארריכטונג צום טריקענען.

exspui'tion *n.* (עקס-פיו-איש'-אן) דאס אויסשפייען.

exsuc'cous *a.* (עק-סאק'-אס) אהן זאפט; טרוקען.

exsuc'tion *n.* (עק-סאק'-שאן) דאס אויסזויגען [פון זאפט].

exsuda'tion *n.* (עק-סיו-דיי'-שאן) ז. *exudation*

ex'tant *a.* (עקס'-טענט) וואס עקזיסטירט, וואס איז פאראן.

extempora'neous *a.* (עקס-טעמ-פא-ריי'-ני-אס) עקספראמט, אהן ספעציעלע פארבערייטונגען; ניט צוגעגרייט [ווי א רעדנער וואס טרעט ארויס אהן פערצייכענטע נאטיצען און אהן פארבערייטונגען צום ריידען].

extempora'neously *adv.* (עקס-טעמ-פא-ריי'-ני-אס-לי) אויף אן עקספראמטען אופן, אהן ספעציעלע פארבערייטונגען, ניט צוגעגרייטערהייט.

extempora'neousness *n.* (עקס-טעמ-פא-ריי'-ני-אס-נעס) דאס זיין עקספראמט, דאס זיין ניט צוגעגרייט; דאס אויגענבליקליכע.

extem'porarily *adv.* (עקס-טעמ'-פא-רע-רי-לי) עקספראמט, ניט צוגעגרייטערהייט, אהן א פארבערייטונג.

extem'porary *a.* (עקס-טעמ'-פא-רע-רי) עקספראמט, אהן א פארבערייטונג.

extem'pore *adv. and a.* (עקס-טעמ'-פא רי) עקספראמט, אין פערלויף פון א מאמענט; ניט צוגעגרייטערהייט; אונפארבערייטעט.

extem'porise *v.* (עקס-טעמ'-פא-ראיז) ז. *extemporize*

extemporisa'tion *n.* (עקס-טעמ-פא-רי-זיי'-שאן) ז. *extemporization*

extemporiza'tion *n.* (עקס-טעמ-פא-רי-זיי'-שאן) אימפראוויזירונג, דאס פערפאסען א זאך ניט צוגעגרייטערהייט.

extem'porize *v.* (עקס-טעמ'-פא-ראיז) אימפראוויזירען, פערפאסען עטוואס ניט צוגעגרייטערהייט [ווי א רעדע, א מוזיקאליש שטיק א. ד. ג.]; עטוואס פארטיג מאכען אין איילעניש און אהן פארבערייטונגען; ריידען אדער זינגען אהן פארבערייטונגען.

extem'porizer *n.* (עקס-טעמ'-פא-ראי-זער) איינער וואס פערפאסט עטוואס ניט צוגעגרייטערהייט [ווי א רעדע, א מוזיק-שטיק א. ד. ג.]; איינער וואס האלט א רעדע אדער טראגט פאר א מוזיקאליש שטיק ניט צוגעגרייטערהייט.

extend' *v.* (עקס-טענד') אויסדעהנען, אויסברייטען, פאנאנדערציהען, אויסציהען; זיך אויסברייטען, זיך אויסדעהנען; אויסשטרעקען, זיך אויסשטרעקען; פערלענגערען; אבלעגען; געבען, בעשענקען; פערכאפען געזעצליך אדער ארויפלעגען אן ארעסט אויף אייגענטום אדער א פערזאן [פאר א חוב]; אבשאצען אייגענטום פאר בעשטייערונגס-צוועקען.

exten'ded *a.* (עקס-טענ'-דעד) וואס פערנעהמט פלאץ, וואס האט דימענזיאנען; אויסגעדעהנט, אויסגעברייטעט, אויסגעצויגען, פאנאנדערגעצויגען; אויסגעשטרעקט.

exten'dedly *adv.* (עקס-טענ'-דעד-לי) דורך אויסדעהנונג, פערברייטונג אדער פאנאנדערציהונג; אויף אן אויסגעדעהנטען, אויסגעברייטעטען, צוצויגענעם אדער פערלענגערטען אופן.

exten'der *n.* (עקס-טענ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס דעהנט אויס, ברייטעט אויס, ציהט אויס, ציהט פאנאנדער אדער שטרעקט אויס.

extendibil'ity *n.* (עקס-טענ-די-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט זיך פאנאנדערצוציהען, פערברייטערען אדער אויסצודעהנען.

exten'dible *a.* (עקס-טענ'-דיבל) וואס קען אויסגעדעהנט, פאנאנדערגעצויגען אדער אויסגעשטרעקט ווערען; וואס קען געזעצליך פערכאפט ווערען אדער אויף וואס מען קען ארויפלעגען אן ארעסט [פאר חובות].

extensibil'ity *n.* (עקס-טענ-סי-ביל'-אי-טי) ז. *extendibility*

exten'sible *a.* (עקס-טענ'-סיבל) ז. *extendible*

exten'sibleness *n.* (עקס-טענ'-סיבל-נעס) ז. *extendibility*

exten'sile *a.* (עקס-טענ'-סיל) ז. *extendible*

exten'sion *n.* (עקס-טענ'-שאן) אויסדעהנונג, פאנאנדערציהונג, אויסברייטונג, פערגרעסערונג; פערלענגערונג; אבלעגונג; אין מעדיצין — אויסגלייכונג אדער אויסציהונג פון בעשעדיגטע גליעדער; אומפאנג [אין שטח, צייט א. ד. ג.]; אין לאגיק — די אנווענדבארקייט פון א בעגריף צו א גרעסערער אדער קלענערער צאהל זאכען.

exten'sion of time (עקס-טענ'-שאן אוו טאים) אבלעגונג, אבציהונג פון טערמין [פון א צאהלונג אדער פון געריכטליכע פערהאנדלונגען].

The merchant secured an **extension of time** from his creditors.

exten'sion-ta'ble *n.* (עקס-טענ'-שאן-טייבל) א טיש, וועלכען מען קען מאכען גרעסער דורך דעם וואס מען שטעלט אין איהם אריין ברעטער.

exten'sive *a.* (עקס-טענ'-סיוו) ברייט, גרויס, אומפאסענד; בעדייטענד, וואס ווערט געטהאן, געפיהרט אדער געמאכט אויף א גרויסען מאסשטאב.

exten'sively *adv.* (עקס-טענ'-סיוו-לי) דורך אויסדעהנונג אדער פאנאנדערברייטונג; אויף א גרויסען מאסשטאב; אויף אן אומפאסענדען אופן.

exten'siveness *n.* (עקס-טענ'-סיוו-נעס) גרויסקייט; גרויס, גרויסער מאסשטאב; דאס זיין אומפאסענד אדער בעדייטענד.

extensom'eter *n.* (עקס-טענ-סאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אויסדעהנבארקייט פון מעטאלען אונטער דער ווירקונג פון דער טעמפעראטור.

exten'sor *n.* (עקס-טענ'-סאר) דער שטרעק-מוסקעל [א מוסקעל וואס שטרעקט אויס אדער גלייכט אויס א קערפער-גליעד, ווי א האנד, א פינגער א. ד. ג.]

extent' *n.* (עקס-טענט') גרויס; ווייטקייט, רוים; גראד, שטופע; אומפאנג, אומפאסונג, גרענעץ, ענד; א צענזוס, אן אבשאצונג [פון אייגענטום — פאר בעשטייערונגס-צוועקען]; אן ארעסט אויף אייגענטום אדער פערזאן [פאר א חוב]; אין לאגיק — די אנווענדבארקייט פון א בעגריף צו א גרעסערער אדער קלענערער צאהל זאכען.

exten'uate *v.* (עקס-טענ'-יו-אייט) מילדערען; פערקלענערען; אבשוואכען; מאכען דין, מאגער אדער שיטער; אויסציהען; ווערען דינער, מאגערער אדער שיטערער.

exten'uating *a.* (עקס-טענ'-יו-איי-טינג) פערקלענערענד, מילדערענד, אבשוואכענד; אויסצעהרענד, מאכענדיג דינער, מאגערער אדער שיטערער.

exten'uating cir'cumstances (עקס-טענ'-יו-איי-טינג סויר'-קאמ-סטענ-סעז) מילדערענדע אומשטענדען [ביי א פערברעכען].

exten'uatingly *adv.* (עקס-טענ'-יו-איי-טינג-לי) אויף א מילדערענדען, אבשוואכענדען, פערקלענערענדען אדער אבצעהרענדען אופן.

extenua'tion *n.* (עקס-טענ-יו-איי'-שאן) פערקלענערונג, פערמינדערונג, אבשוואכונג; אבצעהרונג; דאס ווערען דינער, מאגערער אדער שיטערער.

exten'uative *a. and n.* (עקס-טענ'-יו איי-טיוו) מילדערענד, פערקלענערענד, אבשוואכענד; א מילדערענדער אומשטאנד; א מילדערענדע איינווענדונג אדער א בקשה וועגען פערמילדערונג [אין געריכט].

exten'uator *n.* (עקס-טענ'-יו-איי-טאר) איינער וואס צעהרט אב, מאכט דינער אדער שיטערער; איינער וואס פערקלענערט, שוואכט אב אדער מילדערט.

exten'uatory *a.* (עקס-טענ'-יו-איי-טא-רי) פערקלענערענד, אבשוואכענד, פערמילדערענד; אבצעהרענד, מאכענדיג דינער, מאגערער אדער שיטערער.

exte'rior *a. and n.* (עקס-טי'-רי-אר) אויסערליך, אויסווערטיג; אויסערליכקייט, אויסווערטיגקייט.

exte'rior an'gle (עקס-טי'-רי-אר ענגל) אין געאמעטריע — אן אויסערליכער ווינקעל.

exterior'ity *n.* (עקס-טי-רי-אר'-אי-טי) אויסערליכקייט, אויסווערטינקייט, אויסען-זייט.

exterioriza'tion *n.* (עקס-טי-רי-אר-אי-זיי'-שאן) ז. *externalisation*

exte'riorize *v.* (עקס-טי'-רי-אר-איז) ז. *externalise*

exte'riorly *adv.* (עקס-טי'-רי-אר-לי) פון אויסען, פון דער אויסען-זייט; אויסערליך, אויסווערטיג.

exter'minable *a.* (עקס-טויר'-מי-נעבל) וואס מען קען אבשאפען, פערניכטען, אויסראטען אדער פערטיליגען.

exter'minate *v.* (עקס-טויר'-מי-נייט) אויסראטען, פערניכטען, פערטיליגען, אבשאפען; פעריאגען, ארויסטרייבען, פעריאגען אויסער דער גרענעץ.

extermina'tion *n.* (עקס-טויר-מי-ניי'-שאן) אויסראטונג, פערטיליגונג; אבשאפונג, פערניכטונג.

exter'minative *a.* (עקס-טויר'-מי-ניי-טיוו) אויסראטענד, פערניכטענד, פערטיליגענד, אבשאפענד.

exter'minator *n.* (עקס-טויר'-מי-ניי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס פערניכטעט, פערטיליגט אדער ראטעט אויס.

exter'minatory *a.* (עקס-טויר'-מי-ניי-טא-רי) ז. *exterminative*

extern' *a. and n.* (עקס-טוירן') אויסערליך; פון דרויסען; אן עקסטערן, איינער וואס לערענט זיך אויסער דער שולע.

exter'nal *a. and n.* (עקס-טויר'-נעל) אויסערליך, אויסווערטיג; וואס קומט פון דרויסען; אויסלענדיש; אן אויסערליכער טייל; די אויסערליכע פארם, אן אויסערליכער מנהג אדער צערעמאניע.

exter'nal an'gles (עקס-טויר'-נעל ענגלז) אויסערליכע ווינקלען [אין א געאמעטרישער פיגור].

exter'nal crit'icism (עקס-טויר'-נעל

קריט'-אי-סיזם) דאס בעטראכטען א ווערק נים לויט זיין אינהאלט, נאר לויט דער פארם ווי אזוי עס איז געשריבען געווארען; דאס בעטראכטען א ווערק מיט דעם ציעל צו געפינען גראמאטיקאלישע און סטיליסטישע פעהלערען.

externalisa'tion *n.* (עקס-טויר-נעל-אי-זיי'-שאן) פערקערפערונג אין אן אויסערליכער פארם; מאטעריאליזירונג; דאס שטעלען א זאך אין די גרענעצען פון צייט און ארט.

exter'nalise *v.* (עקס-טויר'-נעל-איז) פערקערפערען, מאטעריאליזירען; שטעלען א זאך אין די גרענעצען פון צייט און ארט.

exter'nalism *n.* (עקס-טויר'-נעל-איזם) די איבערגעגעבענהייט צו די אויסערליכע פארמען אדער צערעמאניען; אין פילאזאפיע — דער פענאמענאליזם, די לעהרע, אז קיין אנדערע זאך אויסער די פענאמענען אדער די ערשיינונגען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, איז אין דער ווירקליכקייט ניטא.

external'ity *n.* (עקס טויר-נעל'-אי-טי) דאס זיין אויסערליך, דאס געפינען זיך אין דרויסען; אין פילאזאפיע — דאס געפינען זיך אין רוים, יעדע זאך וואס געפינט זיך אויסער דעם בעגרייפענדען "איך"; אויסערלעכליכקייט; אן אויסערליכע פארם, א מנהג, א צערעמאניע; די איבערגעגעבענהייט צו דער אויסערליכער פארם; דאס האלטען מעהר פון דער פארם איידער פון דעם אינהאלט.

externaliza'tion *n.* (עקס-טויר-נעל-אי-זיי'-שאן) ז. *externalisation*.

exter'nalize *v.* (עקס-טויר'-נעל-איז) ז. *externalise*.

exter'nally *adv* (עקס-טויר'-נעל-אי) פון דרויסען; בנוגע צו דער אויסערליכער זייט.

externiza'tion *n.* (עקס-טויר-ני-זיי'-שאן) ז. *externalisation*.

ex'tern mater'nity (עקס'-טוירן מע-טויר'-ני-טי) דאס ליגען אין קינפעט אין דער היים אונטער דער אויפזיכט פון א שפיטאל-דאקטאר.

exterrito'rial *a.* (עקס-טער-אי-טאו'-רי-על) עקסטעריטאריעל, וואס איז נים אונטערגעווארפען אונטער די געזעצען פון דעם לאנד, אין וועלכען די פערזאן אדער זאך געפינט זיך [וועגען די פארשטעהער פון א געוויסער מלוכה, וועלכע געפינען זיך אין א פרעמדען לאנד]. ז. *exterritoriality*.

exterritorial'ity *n.* (עקס-טער אי-טאו-רי-על'-אי-טי) עקסטעריטאריאליטעט, די געזעצליכע בעשטימונג אין די ציווילירטע לענדער, דורך וועלכער אפיציעלע פערטרעטער פון א פרעמדער מדינה, ווי א קעניג, א קאנסול א. ד. ג. ווערען בעטראכט ווי זיי וואלטען זיך געפונען אויף דער טעריטאריע פון זייער אייגענעם לאנד און דארפען זיך דאריבער בענוצען מיט דיעזעלבע רעכטען און פריווילעגיעס וואס זיי האבען אין זייער אייגענעם לאנד. דאס געזעץ בעציהט זיך אויך אויף די פאמיליען און די וואהנונגען פון אזעלכע פערזאנען, אויף שיפען א. ד. ג.

exterrito'rial jurisdic'tion (עקס-טער-אי-טאו'-רי-על דזשו-רים דיק'-שאן) דאס רעכט פון א געוויסער מלוכה צו משפט'ען איהרע אונטערטהאנען אדער בירגער וואס וואהנען אין א פרעמדען לאנד לויט איהרע אייגענע געזעצען.

exterrito'rially *adv.* (עקס-טער-אי-טאו'-רי-על-אי) אויף אן עקסטעריטאריאלען אופן. ז. *exterritoriality*.

extinct' *a.* (עקס-טינקט') אויסגעלאשען; אויסגעשטארבען; אבגעשאפט.

extinc'teur *n.* (עקס-טינק'-טויר) ז. *extinguisher*.

extinc'tion *n.* (עקס-טינק'-שאן) די אויסלעשונג; דאס זיין אויסגעלאשען; די אבשאפונג; דאס מאכען א סוף; דאס אויפהערען צו עקזיסטירען.

extin'guish *v.* (עקס-טינ'-גהוויש) אויסלעשען; אבשאפען, פערניכטען; פערפינסטערען; מאכען א סוף.

extin'guishable *a.* (עקס-טינ'-גהוויש-עבל) וואס קען אויסגעלאשען אדער פערניכטעט ווערען.

extin'guisher *n.* (עקס-טינ'-גהוויש-ער) אן אויסלעשער; א לעש-הארן [צום לעשען פייער].

extin'guishment *n.* (עקס-טינ'-גהוויש-מענט) ז. *extinction*.

extir'pate *v.* (עק-סטויר'-פייט) אויסווארצלען, פערטיליגען, אויסראטען, פערניכטען, אבשאפען, פטור ווערען, פעריאגען.

extirpa'tion *n.* (עקס-טויר-פיי'-שאן) אויסווארצלונג, פערטיליגונג, אויסראטונג, פערניכטונג, צושטערונג, אבשאפינג.

ex'tirpative *a.* (עקס'-טויר-פיי-טיוו) אויסווארצלענד, פערניכטענד, אבשאפענד, פערטיליגענד, אויסראטענד, צושטערענד.

ex'tirpator *n.* (עקס'-טויר-פיי-טאר) איינער וואס ווארצעלט אויס, צושטערט, פערניכטעט, ראטעט אויס אדער שאפט אב.

extir'patory *a.* (עקס-טויר'-פע-טא-רי) ז. *extirpative*.

extol' *v.* (עקס-טאול') לויבען אין הימעל אריין, ריהמען, דערהויבען.

extol'ler *n.* (עקס-טאו'-לער) איינער וואס לויבט אדער דערהויבט, א לויב-רעדנער, א שבחים-זינגער.

extor'sive *a.* (עקס-טאהר'-סיוו) אויספרעסענד, ארויסקריגענדיג דורך צוואנג.

extor'sively *adv.* (עקס-טאהר'-סיוו-לי) דורך אויספרעסונג, דורך צוואנג.

extort' *v.* (עקס-טאהרט') אויספרעסען, ארויסקריגען דורך צוואנג; קריגען אונגעזעצליך געלד, מתנות א. ד. ג. דורך דער מאכט פון אמט.

extor'ter *n.* (עקס-טאהר'-טער) ז. *extortioner*.

extor'tion *n.* (עקס-טאהר'-שאן) אויספרעסונג; הויט-שינדונג; דאס ארויסקריגען אונגעזעצליך געלד, מתנות א. ד. ג. דורך דער מאכט פון אמט; דאס וואס עס ווערט אויסגעפרעסט אדער ארויסגעקראגען דורך צוואנג.

extor'tionary *a.* (עקס-טאהר'-שאנ-ע-רי) אויספרעסענד, ארויסקריגענדיג עפעס דורך צוואנג.

extor'tionate *a.* (עקס-טאהר'-שאנ-אייט) אויספרעסענד, הויט-שינדענד.

extor'tionately *adv.* (עקס-טאהר'-שאנ-אייט-לי) דורך אויספרעסונג, אויף א הויט-שינדענדען אופן.

extor'tioner *n.* (עקס-טאהר'-שאנ-ער) אן אויספרעסער; איינער וואס דריקט עפעס ארויס דורך צוואנג; א הויט-שינדער.

extor'tionist *n.* (עקס-טאהר'-שאנ-איסט) ז. *extortioner*.

ex'tra *a., n. and adv.* (עקס'-טרא) עקסטרא, אויסערגעוועהנליך, אייסערארדענטליך, וואס ווערט צוגעלעגט אדער צוגעגעבען; א צוגאב, א ביילאגע; א צייטונגס-אויסגאבע אדער איינצעלנע קאפּיטלען וואס קומט ארויס אין דער ניט-געוועהנליכער צייט; אויף אן אויסערגעוועהנליכען שטייגער.

extract' *v.* (עקס-טרעקט') ארויסציהען, ארויסקריגען, ארויסנעהמען; ארויסקריגען דעם עסענץ אדער דעם תמצית, מאכען אן עקסטראקט; מאכען אויסציגע [פון א בוך אדער שריפט].

ex'tract *n.* (עקס'-טרעקט) אן עקסטראקט [דער אויסצוג, דער עסענץ, דער תמצית]; אן אויסצוג [פון ביכער אדער שריפטען].

extrac'table *a.* (עקס-טרעק'-טעבל) וואס קען ארויסגעצויגען ווערען; וואס מען קען ארויסנעהמען אדער ארויסקריגען.

extrac'tible *a.* (עקס-טרעק'-טיבל) ז. *extractable*.

extrac'tion *n.* (עקס-טרעק'-שאן) ארויסציהונג, דאס ארויסקריגען; דאס ארויסציהען דעם עסענץ אדער תמצית, דאס מאכען אן עקסטראקט; דאס מאכען אן אויסצוג [פון ביכער אדער שריפטען]; עקסטראקט, עסענץ, תמצית; אבשטאמונג.

extrac'tive *a.* (עקס-טרעק'-טיוו) וואס איז ארויסגעצויגען [אלס עקסטראקט]; ארויסציהענד, ארויסקריגענד דעם עסענץ אדער תמצית.

extrac'tor *n.* (עקס-טרעק'-טאר) איינער אדער עטוואס וואס ציהט ארויס; אן אינסטרומענט ארויסצוציהען אדער ארויסצוקריגען עפעס.

extradi'table *a.* (עקס-טרע-דאי'-טעבל) וואס קען אויסגעליפערט ווערען פון איין לאנד אין צווייטען [וועגען מענשען וואס ווערען בעשולדיגט אין א פערברעכען].

ex'tradite *v.* (עקס'-טרע-דאיט) אויסליפערען צו אן אנדער שטאאט [איינעם וואס ווערט בעשולדיגט אין א פערברעכען].

extradi'tion *n.* (עקס-טרע-דיש'-אן) די אויסליפערונג, די ארויסגעבונג [צו אן אנדער שטאאט מענשען וואס ווערען בעשולדיגט אין א פערברעכען].

extradi'tion trea'ty (עקס-טרע-דיש'-אן טריע'-טי) אן אויסליפערונגס-אבמאך [אן אבמאך צווישען צוויי שטאאטען, דורך וועלכען זיי פערפפליכטען זיך אויסצוליפערען איינער צום צווייטען אנטלאפענע פערברעכער].

extra'dos *n.* (עקס-טריי'-דאס) אין ארכיטעקטור — דער אויסערליכער בויג אדער געוועלב פון אן ארקע אדער א בראם.

extrado'tal *a.* (עקס-טרא-דאו'-טעל) וואס בעלאנגט אויסשליסליך דער פרוי און נעהט נים אריין אין נדן וואס ווערט געגעבען צום מאן [וועגען געוויסען אייגענטום פון א פרוי, ווי אמאל ביי אידען נכסי צאן ברזל].

extrafora'neous *a.* (עקס-טרא-פא-ריי'-ני-אס) וואס געפינט זיך אדער פאסירט אויסער'ן הויז.

extrage'neous *a.* (עקס-טרא-דזשי'-ני-אס) פרעמד, וואס בעלאנגט צום צווייטען געשלעכט אדער צו אן אנדער מין.

extrahaz'ardous *a.* (עקס-טרא-העז'-אר-דאס) אויסערגעוועהנליך ריזיקאליש [בנוגע צו געוויסע פארמען פון פערזיכערונג].

extrajudi'cial *a.* (עקס-טרא-דזשו-דיש'-על) אויסער-גערינכטליך, איבער דער געוועהנליכער גערינכטס-ארדנונג.

extrajudi'cially *adv.* (עקס-טרא-דזשו-דיש'-על-אי) אויף אן אויסער-גערינכטליכען שטייגער; נים לויט די רעגעלען פון געוועהנליכער געריכטס-פיהרונג.

extralog'ical *a.* (עקס-טרא-לאדזש'-אי-קעל) אויסער לאגיק, וואס האט ניט קיין שייכות מיט די כללים פון לאגיק.

extralog'ically *adv.* (עקס-טרא-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף אן אויסערלא-גישען שטייגער; אויף אן אופן, וואס האט ניט קיין שייכות מיט די כללים פון לא-גיק.

extramis'sion *n.* (עקס-טרא-מיש'-אן) די ארויסשיקונג, דאס ארויסשיקען.

extramun'dane *a.* (עקס-טרא-מאנ'-דיין) אויסערוועלטליך, וואס געפינט זיך איבער דער מאטעריעלער וועלט, אין די עולמות העליונות.

extramu'ral *a.* (עקס-טרא-מיו'-רעל) אויסער די ווענד פון שטאדט, מחוץ לעיר.

extra'neous *a.* (עקס-טריי'-ני-אס) פרעמד, אויסלענדיש; אויסערליך, אויס-ווערטיג.

extra'neously *adv.* (עקס-טריי'-ני-אס-לי) פון דרויסען; פון דער פרעמד.

extra'neousness *n.* (עקס-טריי'-ני-אס-נעס) פרעמדקייט, אויסערליכקייט.

ex'tra-offi'cial *a.* (עקס'-טרא-א-פיש'-על) אויסער די גרענעצען פון אפיציעלען אמט, רעכט א. ד. ג.

extraor'dinarily *adv.* (עקס-טרא-אהר'-די-נע-רי-לי) אויף אן אויסערגע-וועהנליכען שטייגער.

extraor'dinariness *n.* (עקס-טרא-אהר'-די-נע-רי-נעס) אויסערארדענטליכ-קייט, זעלטענהייט, אונגעוועהנליכקייט.

extraor'dinary *a. and n.* (עקס-טרא-אהר'-די-נע-רי) אויסערארדענטליך, זעל-טען, אונגעוועהנליך; אויסערגעוועהנליכע אדער עקסטרענע קאסטען.

extraparo'chial *a.* (עקס-טרא-פיי-ראו'-קי-על) וואס געפינט זיך אויסער די גרענעצען פון א קירכען-בעצירק.

extraparo'chially *adv.* (עקס-טרא-פיי-ראו'-קי-על-אי) געפינענדיג זיך אוי-סער די גרענעצען פון א קירכען-בעצירק.

extraphys'ical *a.* (עקס-טרא-פיז'-אי-קעל) וואס ליעגט אויסער די געזעצען פון פיזיק; איבערנאטירליך.

extraprofes'sional *a.* (עקס-טרא-פרא-פעש'-אנ-על) וואס ליעגט אויסער די גרע-נעצען פון דער פראפעסיאן; וואס האט ניט קיין שייכות צו דער פראפעסיאן.

extraprovin'cial *a.* (עקס-טרא-פרא-ווינ'-שעל) וואס ליעגט אויסער דעם בע-צירק אדער דער פראווינץ.

extrareg'ular *a.* (עקס-טרא-רעג'-יו-לער) וואס איז ניט אונטערגעווארפען אונ-טער קיין רעגעל, וואס איז ניט בעשרענקט מיט כללים.

extrareg'ularly *adv.* (עקס-טרא-רעג'-יו-לאר-לי) אלס א יוצא מן הכלל; ניט שטימענדיג מיט דער רעגעל.

extrasen'sible *a. and n.* (עקס-טרא-סענ'-סיבל) וואס איז ניט צוגענגליך אדער ניט ערגרייכבאר פאר די חושים; עטוואס וואס קען ניט געפיהלט ווערען מיט די חושים.

extraspec'tion *n.* (עקס-טרא-ספעק'-שאן) אן אויסערליכע בעאבאכטונג.

extrastom'achal *a.* (עקס-טרא-סטאמ'-עק-על) וואס ליעגט אויסער דעם מאגען.

extraterres'trial *a.* (עקס-טרא-טע-רעס'-טרי על) ז. *extramundane*

extraterrito'rial *a.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו'-רי-על) ז. *exterritorial*

extraterritorial'ity *n.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו'-רי-על-אי-טי) ז. *exterritoriality*

extraterrito'rially *adv.* (עקס-טרא-טער-אי-טאו'-רי-על-אי) ז. *exterritorially*

extratrop'ical *a.* (עקס-טרא-טראפ'-אי-קעל) וואס געפינט זיך אויסער די טראפישע לענדער [צו נארד אדער צו זיד].

ex'tra-u'terine *a.* (עקס'-טרא-יו'-טע-רין) וואס געפינט זיך אויסער דעם מו-טער-לייב.

extrav'agance *n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענס) פערשווענדונג; איבערמאס; איבערטרי-בענהייט; איבערטריבענע העפטיגקייט; איבערטריבענהייט אין אויסדריקע; אונ-זיניגקייט, נארישקייט.

extrav'agant *a. and n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענט) פערשווענדעריש; עקסטראוואַ-גאנט, איבערטריבען; איבער דער מאס; אונזיניג, נאריש; אן עקסצענטרישער מענש, איינער וואס ווייסט ניט קיין גרע-נעצען און קיין כללים אין זיינע האנד-לונגען.

extrav'agantly *adv.* (עקס-טרעוו'-ע-גענט-לי) אויף אן אונגעוועהנליכען אדער איבערטריבענעם אופן; אויף אן אונזיני-גען אופן.

extrav'agantness *n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענט-נעס) ז. *extravagance*

extrav'agants *n.* (עקס-טרעוו'-ע-גענטס) אין קירכליכער געזעצגעבונג — א צוגעגעבענער טייל פון פאפסטליכע פער-ארדנונגען; א בעזונדערע זאמלונג פון אידישע דינים און תקנות וואס איז צו-זאמענגעשטעלט געווארען צום סוף פון 2טען יאהרהונדערט.

extravagan'za *n.* (עקס-טרעוו-ע-גענ'-זא) עטוואס שטארק איבערטריבענעס; א ווילד, איבערטריבען מוזיק-שטיק, פאעמא, דראמא א. ד. ג.; א בורלעסק.

extravagan'zist *n.* (עקס-טרעוו-ע-גענ'-זיסט) א פערפאסער פון ווילדע אי-בערטריבענע זאכען, א בורלעסקען-שריי-בער.

extrav'agate *v.* (עקס-טרעוו'-ע-גייט) זיין איבערטריבען, איבערשרייטען אלע גרענעצען.

extravaga'tion *n.* (עקס-טרעוו-ע-גיי'-שאן) דאס זיין איבערטריבען, דאס אי-בערשרייטען אלע גרענעצען.

extrav'asate *v.* (עקס-טרעוו'-ע-סייט) זיך ארויסגיסען, אויסלויפען, אויספליסען [ווי דאס בלוט פון די אדערען אדער אנ-דערע פליסיגקייטען פון קערפער].

extravasa'tion *n.* (עקס-טרעוו-ע-סיי'-שאן) די ארויסגיסונג אדער אויספליסונג [ווי דאס בלוט פון די אדערען אדער אנדערע פליסיגקייטען פון קערפער].

ex'tra-work *n.* (עקס'-טרא-הוואירק) עקסטרא-ארבייט.

extreme' *a. and n.* (עקס-טרים') עקס-טרעם, אויסערסט, העכסט, לעצט, אויסער-ארדענטליך, אונגעוועהנליך; דאס אוי-סערסטע; דאס לעצטע; דאס וואס גע-פינט זיך אויף'ן ווייטסטען אדער העכ-סטען פונקט; דאס וואס קען ניט אריבער-געשטיגען ווערען; אין מאטעמאטיק — די ערשטע אדער די לעצטע צאהל פון א פראפארציאן, ווי למשל, די צאהלען 6 און 12 פון דער פראפארציאן 12:4=18:6.

extreme' degree' (עקס-טרים' די-גריע') דער העכסטער גראד.

extreme'ly *adv.* (עקס-טרים'-לי) ביז'ן העכסטען גראד.

extreme' neces'sity (עקס-טרים' נע-סעס'-אי-טי) די דרינגענדע נויט.

extremes' meet (עקס-טרימז' מיעט) עקסטרעמען בעריהרען זיך.

extreme' unc'tion (עקס-טרים' אנק'-שאן) די לעצטע אוילונג [א געוויסע רע-ליגיעזע צערעמאניע אין דער קאטוילישער קירך].

extre'mism *n.* (עקס-טרי'-מיזם) די ניי-גונג צו עקסטרעמען אדער צו דערגעהן ביז'ן לעצטען פונקט; דאס אננעהמען די לעצטע מיטלען; דאס האלטען זיך אן עקסטרעמע מיינונגען.

extre'mist *n.* (עקס-טרי'-מיסט) איינער וואס איז גענייגט צו עקסטרעמען.

extrem'ity *n.* (עקס-טרעמ'-אי-טי) אן ענדע, א גרענעץ; די העכסטע שטופע אדער ווייטסטער פונקט.

ex'tricable *a.* (עקס'-טרי-קעבל) וואס מען קען אבפלאנטערען אדער פריי מאכען.

ex'tricably *adv.* (עקס'-טרי-קע-בלי) אויספלאנטערענדיג.

ex'tricate *v.* (עקס'-טרי-קייט) אבפלאנ-טערען, פריי מאכען.

extrica'tion *n.* (עקס-טרי-קיי'-שאן) די אבפלאנטערונג אדער פריי-מאכונג.

extrin'sic *a.* (עקס-טרינ'-סיק) אויסער-ליך, אויסווערטיג, פרעמד.

extrinsical'ity *n.* (עקס-טרינ-סי-קעל'-אי-טי) די אויסערליכקייט; דאס זיין ניט שייך אדער ניט צוגעפאסט צו דער זאך.

extrin'sically *adv.* (עקס-טרינ'-סי-קעל-אי) אויף אן אויסווערטיגען שטיי-גער; לויט דעם אויסערליכען אויסזעהן.

extrin'sicalness *n.* (עקס-טרינ'-סי-קעל-נעס) אויסווערטיגקייט.

extrin'sicate *v.* (עקס-טרינ'-סי-קייט) מאכען אויסווערטיג; צוגעבען אן אויסער-ליכען אויסזעהן.

extrinsica'tion *n.* (עקס-טרינ-סי-קיי'-שאן) דאס מאכען אויסווערטיג; דאס צו-געבען אן אויסערליכע געשטאלט.

extror'sal *a.* (עקס-טראהר'-סעל) ז. *extrorse*

extrorse' *a.* (עקס-טראהרס') אין באטא-ניק — אויסגע-קעהרט ארויס-צו [ביי א בלום, ווען דאס שטויב-בייטעל קעהרט זיך איבער צו דער זייט פון די בלעטלעך].

Extrorse Stamens

extrude' *v.* (עקס-טרוהד') ארויסשטוי-סען, אוועקטרייבען.

extru'sion *n.* (עקס-טרוה'-זשאן) די ארויסשטויסונג, די אוועקטרייבונג.

extru'sory *a.* (עקס-טרוה'-סא-רי) וואס ווערט ארויסגעשטויסען, ארויסגעשטופט אדער ארויסגעטריבען.

exu'berance *n.* (עק-סיו'-בע-רענס) פולקייט, איבערפליסיגקייט.

exu'berancy *n.* (עק-סיו'-בע-רענ-סי) ז. *exuberance*

exu'berant *a.* (עק-סיו'-בע-רענט) אי-בערפול, רייך; איבערפליסיג.

exu'berantly *adv.* (עק-סיו'-בע-רענט-לי) דורך איבערפליסיגקייט.

exu'berate *v.* (עק-סיו'-בע-רייט) זיין איבערפול אדער איבערפליסיג.

exu'date *n.* (עק-סיו'-דייט) ז. *exudation*

exuda'tion *n.* (עק-סיו-דיי'-שאן) דאס אויסשוויצען; שוויים.
exu'dative *a.* (עק-סיו'-דיי-טיוו) וואס איז שייך צו שוויצען אדער שוויים.
exude' *v.* (עק-סיוד') אוים-שוויצען.
exul'cerate *v.* (עג-זאל'-סע-רייט) מא-כען א געשוויר; אנרייסען [ווי א גע-שוויר]; ערביטערען, דערצארענען.
exulcera'tion *n.* (עג-זאל-סע-ריי'-שאן) די אנרייסונג [פון א געשוויר]; די ער-ביטערונג, די דערצארנונג.
exul'cerative *a.* (עג-זאל'-סע-ריי-טיוו) ז. *exulceratory*
exul'ceratory *a.* (עג-זאל'-סע-ריי-טא-רי) וואס מאכט אן געשווירען.
exult' *v.* (עג-זאלט') זיך שטארק פרע-הען, שטראהלען פאר פרייד, טריאומפירען.
exul'tance *n.* (עק-זאל'-טענס) ז. *exultation*
exul'tancy *n.* (עק-זאל'-טענ-סי) ז. *exultation*
exul'tant *a.* (עג-זאל'-טענט) זיך פרע-הענד, שטראהלענד פאר פרייד, טריאומפי-רענד.
exulta'tion *n.* (עק-סאל-טיי'-שאן) א גרויסע פרייד, א טריאומף.
exul'tingly *adv.* (עג-זאל'-טינג-לי) אויף א טריאומפירענדען אופן; מיט גרויס פרייד.
exun'gulate *v.* (עג-זאנ'-גיו-לייט) אב-שניידען די נעגעל.
exungula'tion *n.* (עג-זאנ-גיו-ליי'-שאן) דאס ארומשניידען די נעגעל.
exus'tion *n.* (עג-זאס'-טשאן) די פער-ברענונג.
exuviabil'ity *n.* (עקס-יו-ווי-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען אראבווארפען געוויסע טיילען פון קערפער, ווי די הויט ביי שלאנגען, די פעדערען ביי פויגעל א. ד. ג.
exu'viable *a.* (עקס-יו'-ווי-עבל) וואס קען אראבגעווארפען ווערען [ווי די הויט פון שלאנגען, די פעדערען פון פויגעל א. ד. ג.].
exu'viæ *n.* (עקס-יו'-ווי-אי) די הויט, שאלאכץ, פעדערען א. ד. ג. וואס ווערען אראבגעווארפען פון געוויסע טהיערע [ווי די הויט פון א שלאנג, די פעדערען פון פויגעל, די שאלעכץ פון א ראק א. ד. ג.]; די הויט פון חיות, וועלכע ווערט אויף א קינסטליכען אופן פון זיי אראבגעשונדען.
exu'viate *v.* (עקס-יו'-ווי-אייט) אבשיי-לען אדער אראבווארפען, ווי הויט, פעדע-רען, האר, שאלאכץ א. ד. ג.
exuvia'tion *n.* (עקס-יו-ווי-איי'-שאן) דאס אראבווארפען געוויסע טיילען פון קערפער, ווי די הויט ביי שלאנגען, די פע-דערען ביי פויגעל א. ד. ג.
ey'as *n.* (אי'-עס) א יונגער האביכט אדער קארשון [אזא רויב-פויגעל] וואס איז ארויסגענומען געווארען פון נעסט און אויפגעצויגען געווארען אין א הויז.
eye *n. and v.* (אי) אן אויג; א קוק; בעאב-אכטונג; אויפמערקזאמקייט; די זעהונגס-קראפט; אנזיכט; אנבליק; עטוואס וואס איז ענהליך צו אן אויג, ווי א לאך, אן אויערעל פון א נאדעל, א קנאספע אדער א שפראצ-אויגעלע פון א פלאנצע א. ז. וו.; עטוואס וואס איז ענהליך צום אויג אלס א קוועלע פון ליכט און איינפלוס; קוקען; בעאבאכטען; בעטראכטען; מאכען א לע-כעל אין א נאדעל אדער אין אן אנדער געגענשטאנד.
eye'ball *n.* (אי'-באהל) דער אויג-אפעל.
eye'beam *n.* (אי'-ביעם) דער בליק, דער שטראהל פון אויג.
eye'-bolt *n.* (אי'-באולט) א מין פער-רוקער אדער שטאנג וואס האט א לאך אדער רינג אין איין ענד.
eye'bright *n.* (אי'-בראיט) די אויגען-טרייסט [א מין גראז, וואס מען פלעגט אמאל בענוצען אלס רפואה צו אויגען-וועהטאג].
eye'-brighte'ning *a.* (אי'-בראיט-נינג) וואס מאכט קלאר אדער דייטליך.
eye'brow *n.* (אי'-בראו) די אויגען-ברעם [די ברעם איבער'ן אויג].
eyed *a.* (איד) אויגיג; מיט אויגען.
eye'-doc'tor *n.* (אי'-דאק'-טאר) אן אוי-גען-דאקטאר, אן אקוליסט.
eye'-drop *n.* (אי'-דראפ) א טרעהר.
eye'-end *n.* (אי'-ענד) דער ענד אדער עק פון א טעלעסקאפ, צו וועלכען עס לעגט זיך צו דאס אויג.
eye'-flap *n.* (אי'-פלעפ) איינער פון די לעדערנע קלאפען וואס שטארצען ארויס פון צוים ביי די זייטען פון א פערד'ס אויגען.
eye for eye (אי פאר אי) אן אויג פאר אן אויג [עין תחת עין].
eye'-glance *n.* (אי'-גלענס) א בליק.
eye'-glass *n.* (אי'-גלעס) א בריל, אן אויגען-גלאז.
eye'hole *n.* (אי'-האול) א לאך פאר דעם אויג [ווי אין א מאסקע, אין א טהיר א. ד. ג.]; א רונדע לאך.
eye'ing *n.* (אי'-אינג) דאס מאכען דאס לעכעל אין א נאדעל.
eye'lash *n.* (אי'-לעש) א וויהע, א ברעם [די האר וואס וואקסען אויף די ענדען פון די אויגען-לעדלעך]; א האר פון א וויהע.
eye'-lens *n.* (אי'-לענז) די גלאז-לינזע פון א שפאקטיוו.
eye'less *a.* (אי'-לעס) אהן אויגען, בלינד.
eye'let *n.* (אי'-לעט) א קליין רונד לעכעל; א רונדער קנאפ-לאך; א שלייפעל צום פער-קנעפלען.
eyeleteer' *n.* (אי-לע-טיער') א קליינער שארפער אינסטרומענט צו מאכען רונדע קנאפ-לעכער.
eye'let-hole *n.* (אי'-לעט-האול) ז. *eyelet*
eye'leting-machine' *n.* (אי'-לעט-אינג-מע-שין') א מאשין צו מאכען קנאפ-לעכער אין שיך.
eye'let-machine' *n.* (אי'-לעט-מע-שין') א מאשין וואס זוימט ארום קנאפ-לעכער אין ציינג.
eye'let-rai'ser *n.* (אי'-לעט-ריי'-זער) אין וועשערייען אדער פראסטשעשנעס — א האנד-אינסטרומענט מיט וועלכען מען הויבט אונטער און מען גלייכט אויס די קנאפ-לעכער פון א העמד אדער קלייד.
eye'let-set *n.* (אי'-לעט-סעט) א מין צווייננעל, מיט וועלכען מען האקט אויס קנאפ-לעכער אין א העמד אדער מאנטעל.
eye'lid *n.* (אי'-ליד) דאס אויגען-לעדעל.
eye offen'ding (אי א-פענ'-דינג) מפני מראית העין [וואס איז מיאוס פאר'ן אויג].
eye of heav'en (אי אוו העווען) דאס הימעל-אויג [די זון, די לבנה].
eye'-o'pener *n.* (אי'-או'פ-נער) עט-וואס וואס רייסט אויף די אויגען; עטוואס וואס מאכט שטוינען; א שטארקער טרונק בראנפען אדער ליקער.
eye'piece *n.* (אי'-פיעס) די גלאז-לינזע פון א שפאקטיוו, וועלכע איז נאהנט צום אויג.
eye'-pit *n.* (אי'-פיט) דער ארביט פון אויג, דאס אויגען-לאך.
ey'er *n.* (אי'-ער) א בעקוקער, א בעאב-אכטער.
eye'-salve *n.* (אי'-סאוו) אן אויגען-זאלב.
eye'-ser'vant *n.* (אי'-סויר'-ווענט) א דיענער וואס טהוט זיין פפליכט נאר ווען מען גיט אויף איהם אכטונג.
eye'-ser'ver *n.* (אי'-סויר-ווער) ז. *eye-servant*
eye'-ser'vice *n.* (אי'-סויר-וויס) דיענסט-ארבייט וועלכע איינער טהוט נאר ווען מען גיט אויף איהם אכטונג.
eye'-shade *n.* (אי'-שייד) אן אויגען-שירם [א שירם וואס ווערט געטראגען אי-בער די אויגען צו שיצען זיי פון העלער ליכט].
eye'shot *n.* (אי'-שאט) א בליק, א קוק מיט'ן אויג.
eye'sight *n.* (אי'-סאיט) דאס זעהען פון אויג; די ראיה; דער חוש הראיה.
eyes of a ship (איז אוו ע שיפ) די פאדערשטע פענסטער [לוקען] פון א שיף.
eye'sore *n.* (אי'-סאור) א געשוויר אויף'ן אויג; א דארן אין אויג [עפעס וואס מען האסט צו זעהן].
eye'-splice *n.* (אי'-ספלאיס) א מין שלייף וואס מאטראזען מאכען אין א שטריק דורך צוזאמענקניפונג.
eye'-string *n.* (אי'-סטרינג) דער אויג-מוסקעל [דער מוסקעל וואס בעוועגט דאס אויג].
eye'-tooth *n.* (אי'-טוהטה) אן אויגען-צאהן [דער שפיציגער צאהן וואס געפינט זיך אין דער ריכטונג פון אויג, הינטער וועלכען עס פאנגען זיך אן די באק-צייה-נער].
eye'-wai'ter *n.* (אי'-הוויי'-טער) ז. *eye-servant*
eye'-wash *n.* (אי'-הוואש) אויגען-וואַ-סער [א מעדיצינישע פליסיגקייט צו וואַ-שען די אויגען].
eye'-wa'ter *n.* (אי'-הוואה'-טער) אוי-גען-וואסער [אזא מעדיצינישע פליסיגקייט צום וואשען די אויגען]; די פליסיגקייט וואס פילט אן דאס אויג.
eye'-wink *n.* (אי'-הווינק) א ווינק מיט'ן אויג.
eye'-win'ker *n.* (אי'-הווינ'-קער) ז. *eyelash*
eye'-wit'ness *n.* (אי'-הוויט'-נעס) אן אויגען-צייגע, אן עדות וואס האט עפעס געזעהן מיט זיינע אויגען.
ey'ot *n.* (אי'-אט) א גאנץ קליינער אינזעל.
ey'ra *n.* (אי'-רא) אזא זארט ווילדע קאץ וואס געפינט זיך אין זיד-אמעריקא [זי איז פון רויטליכער קאליר, האט א לאנ-גען קערפער, א לאנגען עק און קורצע פא-דערשטע פיס].



Eyra

eyre *n.* (עהר) א רייזע, א רונד-רייזע; א רונד-רייזע פון א געריכט אין אמאליגע צייטען.

F

F, f (עף) דער זעקסטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

f. *forte* אין מוזיק — אן אבקירצונג פון

fa *n.* (פא) די מוזיקאלישע נאטע "פא".

F. A. A. אן אבקירצונג פון די ווערטער *free of all average* אן אויסדרוק, וואס ווערט געברויכט אין פערזיכערונג אויף שיפען און סחורות געשיקט דורך שיפען. ז. *average*

faba'ceous *a.* (פע-ביי'-שיאס) אין באטאניק — עהנליך צו בעבלעך; אויף וואס עס וואקסען בֶעבלעך אדער באב־ארטיגע פרוכטען.

Fa'bian *a. and n.* (פיי'-בי-ען) פאביאניש, אבלעגענדיג, אויסמיידענדיג אן אפענעם קאמפף, אויסמאטערענד דעם געגנער דורך פערשיעדענע מאנעווערען [ווי די טאקטיק פון דעם אלט־רוימישען קריעגספיהרער קווינטוס פאביוס מאקסימוס אין זיין קאמפף געגען דעם קארטהאגענישען קריעגס־פיהרער האניבאל]; א פאביאנער, אן אנהענגער פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*

Fa'bianism *n.* (פיי'-בי-ען-איזם) פאביאניזם, די פרינציפען פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*

Fa'bianist *n.* (פיי'-בי-ען-איסט) א פאביאנער, א מיטגליעד פון דער פאביאנער געזעלשאפט. ז. *Fabian Society*.

Fa'bian Soci'ety (פיי'-בי-ען סא-סאי'-ע טי) די פאביאנישע געזעלשאפט [א סאציאליסטישער פעראיין, ארגאניזירט אין ענגלאנד אין יאהר 1884, וועלכער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו פערשפרייטען די סאציאליסטישע פרינציפען דורך פריעדליכער פראפאגאנדא].

fa'ble *n. and v.* (פיי'בל) א פאבעל [א מעשה'לע מיט א מוסר השכל], א משל, אן אלעגאריע, א מעשה'לע; א לעגענדע; אן אויסגעטראכטע זאך; א ליגען; א פאבולא [די פאסירונג אדער פאסירונגען, וועגען וועלכע עס האנדעלט זיך אין א פאעטישען אדער דראמאטישען ווערק]; איינער אדער עטוואס וועמען אדער וואס יעדער האלט אין מויל; שרייבען אדער דערצעהלען אויסגעטראכטע אדער פאנטאסטישע זאכען; דערצעהלען ליגענס; אויסטראכטען, אויספאנטאזירען.

fa'bled *a.* (פייבלד) געריהמט אדער פארגעשטעלט אין פאבעלען, אין פאלקס־מעשה'לעך אדער פאלקס־לעגענדען; פאנטאסטיש [ווי אין א פאבעל אדער לעגענדע], לעגענדאריש.

fa'blemonger *n.* (פיי'בל-מאנ-גער) איינער וואס טראכט אויס אדער דערצעהלט נאך פאנטאסטישע אדער ניט־געשטויגענע זאכען.

fa'bler *n.* (פיי'-בלער) א שרייבער אדער דערצעהלער פון פאבעלען אדער פון פאנטאסטישע געשיכטען; א הענדלער מיט פאנטאסטישע געשיכטען; א ליגנער, א פעלשער.

fa'bling *n.* (פיי'-בלינג) דאס מאכען פאבעלען; א פאבעלהאפטע אדער פאנטאסטיישע דיכטונג: פאבעלען [בכלל].

fab'ric *n.* (פעב'-ריק) געבוי, געביידע, געוועב, פאבריקאט [עטוואס וואס ווערט פראדוצירט, הויפטזיכליך פון געוועבטע שטאפען].

fab'ricant *n.* (פעב'-רי-קענט) א פאבריקאנט; איינער וואס פאבריצירט אדער פראדוצירט.

fab'ricate *v.* (פעב'-רי-קייט) פאבריצירען; פארמירען, פערפערטיגען, פראדוצירען; בויען; אויסטראכטען; אויסטראכטען א ליגען; פעלשען.

fabrica'tion *n.* (פעב-רי-קיי'-שאן) פאבריצירונג; פארמירונג, פערפערטיגונג; דאס בויען אדער מאכען; דאס אויסטראכטען; דאס פעלשען אדער אבנארען; עטוואס וואס ווערט פאבריצירט, אויסגעטראכט אדער געפעלשט.

fab'ricator *n.* (פעב'-רי-קיי-טאר) א פאבריקאנט; א בויער; א פראדוצירער; אן אויסטראכטער; איינער וואס טראכט אויס ליגענס.

fab'ricatress *n.* (פעב'-רי-קיי-טרעס) א פאבריקאנטין; איינע וואס פאבריצירט, פראדוצירט, בויט אויף אדער טראכט אויס; איינע וואס טראכט אויס ליגענס.

fab'ricature *n.* (פעב'-רי-קע-טשור) פאבריקאציאן.

fab'ric lands (פעב'-ריק לענדז) לאנד־אייגענטום וואס ווערט אוועקגעשענקט מיט דעם צוועק, אז די הכנסה דערפון זאל געהן פאר'ן איבערבויען אדער פעררי‌כטען קלויסטערס.

fab'ulise *v.* (פעב'-יו-לאיז) ז. *fabulize*

fab'ulist *n.* (פעב'-יו-ליסט) א שרייבער פון פאבעלען; א שרייבער פון אויסגעטראכטע אדער פאנטאסטישע געשיכטען.

fab'ulize *v.* (פעב'-יו-לאיז) פערפאסען אדער דערצעהלען פאבעלען אדער אויסגעטראכטע, פאנטאסטישע געשיכטען.

fab'ulous *a.* (פעב'-יו-לאס) פאבעלהאפט, אונגעהייער, ערשטוינענד, אונגלויבליך, לעגענדאריש, אויסגעטראכט, פאנטאסטיש; דערצעהלענדיג פאבעלען אדער ניט־געשטויגענע געשיכטעס; פערקאכט אין דערצעהלען פאנטאסטישע אדער ניט־געשטויגענע געשיכטעס.

fab'ulous age (פעב'-יו-לאס איידזש) די לעגענדארישע ציים.

fab'ulously *adv.* (פעב'-יו-לאס-לי) אויף א פאבעלהאפטען, ערשטוינענדען, אויסגעטראכטען, אונגלויבליכען אדער פאנטאסטישען שטייגער; אין א פאבעל אדער אויסגעטראכטער פאנטאסטישער געשיכטע.

fab'ulousness *n.* (פעב'-יו-לאס-נעס) פאבעלהאפטיגקייט; דאס זיין פאנטאסטיש אדער אויסגעטראכט.

façade' *n.* (פע-סאד') א פאסאדע, א פאדער־זייט [פון א געביידע].

face *n. and v.* (פיים) געזיכט; אנבליק, אויסזעהן, געזיכטס־אויסדרוק, מיענע; פערהאלטונג; מוטה, געוואגטקייט, אנגעזיכט; פאדערזייט, אויסערליכע זייט; ציפערבלאט; דער קאפ [פון א מטבע]; פלעכע, אויבערפלעכע; די פלאכע זייט פון א געאמעטרישען קערפער; די ווערטער פון א געזעצליכען דאקומענט גענומען אין זייער בוכשטעבליכען זין [הויכטזעכליך די ספעציעלע בעדינגונגען און די סומע געלד אין דיעזע דאקומענטען]; דער פאדערשטער ראנד פון א בוך; שטעהן פנים אל פנים, שטעהן מיט'ן געזיכט אדער מיט דער פאדערשטער זייט צו...; מוטיג בעגעגענען אדער זיך ענטגעגענשטעלען; בעדעקען מיט עפעס פון אויבען אדער פון פארענט, ארומלעגען, ארומנעהמען; זיך אומקעהרען מיט'ן געזיכט, זיך אומדרעהען [אין מיליטער]; שעדיגען, אברייבען די אויבערפלעכע.

face about' (פיים ע-באוט') זיך אומדרעהען; זיך איבערקוליען.

face a card (פיים ע קארד) איבערקעהרען א קארט [אין קארטען־שפיעל].

face'-ache *n.* (פיים'-אייק) געזיכטס־נויראלגיע [נערוועז־שמערץ אין געזיכט].

face'-a'gue *n.* (פיים'-איי'-גיו) ז. *face-ache*

face'-card *n.* (פיים'-קארד) א שפיעל־קארט מיט א פיגור [ווי קעניג, דאמע, אונטער].

face'-cloth *n.* (פיים'-קלאהטה) דער טוך, מיט וועלכען מען דעקט איבער דאס געזיכט פון א טויטען.

faced *a.* (פייסט) בעדעקט מיט עפעס פון אויבען, אבגעפאלירט, גלאט; בעדעקט פון פארענט [מיט אנדערע מאטעריאלען, ווי קליידער]; וואס האט א פיגור אויף זיך [וועגען שפיעל־קארטען]; אויסזעהענדיג.

face down (פיים דאון) בריינגען אין פערלעגענהייט, פערשעמען אדער צונעהמען דעם מוטה דורך א שטרענגען אדער אנגעשטרענגטען בליק; מוטיג זיך ענטגעגענשטעלען; בעזיעגען אדער בעזייטיגען דורך מוטה און ווידערשטאנד.

face'-en'try *n.* (פיים'-ען'-טרי) פרייער איינטריט [אין טעאטער].

face'-guard *n.* (פיים'-גארד) א צודעק אדער א מאסקע צו בעשיצען דאס פנים [ביים פעכטען, ביים אומגעהן ארום עקספלאדירענדע שטאפען א. ד. ג.].

face'less *a.* (פיים'-לעס) אהן א פנים; אונפערשעמט.

face'-ma'king *n.* (פיים'-מיי'-קינג) פריה ורביה.

face of affairs' (פיים אוו ע-פעהרז') די זאכלאגע; די סיטואציאן ווי זי זעהט אויס.

face of brass (פיים אוו ברעס) א קופערנער שטערן; פערשטאכענע אויגען.

face'-pain'ter *n.* (פיים'-פיינ'-טער) א פארטרעט־מאלער.

face'-pain'ting *n.* (פיים'-פיינ'-טינג) פארטרעט־מאלעריי; דאס פארבען דאס געזיכט.

face'-plan *n.* (פיים'-פלען) א פלאן אדער א צייכנונג פון דעם פאדערשטען טייל אדער הויפט־טייל פון א געביידע.

fa'cer *n.* (פיי'-סער) א קלאפ אין פנים, אן איבערראשענדער צוריקשטויס; א פולע גלאז וויין.

fac'et *n. and v.* (פעס'-עט) א קליינע פלעכע; פאצעטען [געשליפענע קליינע פלעכען ביי דימענטען, וועלכע ווערען געמאכט, אום צו פערגרעסערען זייער גלאנץ]; אויסשניידען פאצעטען [אויף דימענטען].

fac'eted *a.* (פעס'-עט-עד) פאצעטירט,

בעדעקט מיט געשליפענע קליינע פלעכען [ווענגען דימענטען] ז. *facet*.

face the mu'sic (פייס טהי מיו'-זיק) מוטיג זיך האלטען אין אן עת צרה; זיין גרייט פאר דעם ערנסטען.

face'tiæ *n.* (פע-סי'-שי-אי) וויצען, גלייכווערטלעך; ביכער מיט גראבע אדער אונאנשטענדיגע וויצען.

fac'eting *n.* (פעס'-עט-אינג) דאס פא־צעטירען [דימענטען] ז. *facet*.

face'tious *a.* (פע-סי'-שאס) לוסטיג, מונ־טער, וויציג, שפאסיג.

face'tiously *adv.* (פע-סי'-שאס-לי) אויף א מונטערען, לוסטיגען, וויציגען אדער שפאסיגען אופן.

face'tiousness *n.* (פע-סי'-שאס-נעס) לוסטיגקייט, מונטערקייט, וויציגקייט, שפא־סיגקייט.

face to face (פייס טו פייס) פנים אל פנים; אונטער פיער אויגען.

fac'etted *a.* (פעס'-עט-עד) ז. *faceted*.

fac'etting *n.* (פעס'-עט-אינג) דאס פא־צעטירען [דימענטען]. ז. *facet*.

face'-val'ue *n.* (פייס'-וועל'-יו) די ווערטה פון ווערטה־פאפיערען, וועלכע איז אויף די פאפיערען אנגעגעבען.

The face-value of the bond is $50.

face'-wheel *n.* (פייס'-הוויעל) א קרויז־ראד. ז. *crown-wheel*.

fa'cial *a.* (פיי'-שעל) וואס נעהערט אדער וואס איז שייך צום געזיכט.

fa'cially *adv.* (פיי'-שעל-אי) אין בע־צוג צום געזיכט; ווי א געזיכט; פנים אל פנים.

fa'cial vein (פיי'-שעל וויין) דער גע־זיכטס־אדער, וועלכער ציהט זיך פון דעם ווינקעל צווישען די אויגען און גיסט זיך צונויף מיט דעם אדער ביים קיהנביין. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*.

fa'cies *n.* (פיי'-שי-איז) דאס געזיכט, דער פאדערשטער טייל, דער פאדערשטער טייל פון שארבען אדער פון קאפ; דאס אויסערליכע אויסזעהן, דער אויסערליכער געבוי; דאס אויסערליכע, אויבערפלעכלי־כע אדער אלגעמיינע אויסזעהן.

fac'ile *a.* (פעס'-איל) לייכט; בויגזאם, נאכגעביג; שנעל, געשיקט.

fac'ile prin'ceps (פעס'-אי-לי פרינ'-סעפס) געווים דער ערשטער; אהן צווייפעל אנערקענט אלס דער ערשטער אדער בעס־טער.

facil'itate *v.* (פע-סיל'-אי-טייט) פער־לייכטערען, גרינג מאכען.

facilita'tion *n.* (פע-סיל-אי-טיי'-שאן) די פערלייכטערונג, דאס גרינגער מאכען.

facil'ities *n.* (פע-סיל'-אי-טיז) בע־קוועמליכקייטען; פערלייכטערונגען; אין קאמערץ — דאס אבצאהלען פאר עפעס ניט מיט איין מאל, נאר אין עטליכע טערמינען.

facil'ity *n.* (פע-סיל'-אי-טי) לייכטיג־קייט; בויגזאמקייט; נאכגעביגקייט; מענ־ליכקייט.

fa'cing *n.* (פיי'-סינג) דאס וואס בעדעקט דעם פארענט אדער די אויבערשטע זייט צוליעב בעפוצונג אדער בעשיצונג; דער אויבערשלאג; די אבשלאגען אדער טאש־מעס וואס ווערען אויפגענעהט אויף א קלייד; די אויסגעשניצטע שטיינערנע אדער הילצערנע פלאטען, וועלכע בעדעקען דעם פראנט פון א וואנד; דער אויבערשטער שיכט פון ערד, טארף אדער שטיינער מיט וועלכע מען לעגט אויס דעם דעק פון א קאנאל אדער דעם וואל, איבער וועלכען עס געהט אן אייזענבאהן, צו פערשטארקערען דעם גרונט; דאס צופאסען די עקען פון צוויי קלעצער, אז זיי זאלען זיך בעהעפטען איינער מיט'ן אנדערען; אין מושטירען סאלדאטען — דאס קעהרען זיך אויף'ן פוס לינקס און רעכטס; דאס ארומהאקען די אויבערשטע זייט פון א מיהל־שטיין.

fa'cingly *adv.* (פיי'-סינג-לי) מיט'ן פארענט געווענדעט צו...

facsim'ile *n. and a.* (פעק-סים'-אי-לי) די פאקסימילע, א ריכטיגע קאפיע פון א האנדשריפט, א נאכבילדונג פון א שריפט; דאס נאכמאכען א האנדשריפט; וואס האט דעם כאראקטער פון א פאקסימי־לע, וואס איז א ריכטיגע קאפיע פון עפעס.

facsim'ilist *n.* (פעק-סים'-אי-ליסט) איינער וואס מאכט א פאקסימילע אדער ריכטיגע קאפיע פון עפעס.

fact *n.* (פעקט) א פאקט, א טהאטזאך; דאס וואס איז ווירקליך געווען אדער וואס האט ווירקליך עקזיסטירט.

fac'tion *n.* (פעק'-שאן) צווייסטיגקייטען, מחלוקות אין א פארטיי; א פארטיי אין א פארטיי; א פארטיי וועלכע זוכט צו דערגרייכען איהרע אייגענע צוועקען, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם, צי וועט דאס ברייגען אלעמען גוטעס אדער שאדען; א פארטיי אדער פערבאנד וואס שטעהט אין דער העפטיגסטער אפאזיציאן צו דער רעגירונג אדער צו דער עקזיסטירענדער ארדנונג.

fac'tional *a.* (פעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו צווייסטיגקייטען אדער מחלוקות אין א פארטיי.

fac'tionist *n.* (פעק'-שאנ-איסט) איינער וואס בילדעט א פארטיי אין א פארטיי.

fac'tious *a.* (פעק'-שאס) וואס רופט ארויס אן אפאזיציאן אין א פארטיי.

fac'tiously *adv.* (פעק'-שאס-לי) מא־כענדיג מחלוקות און צווייסטיגקייטען אין א פארטיי.

fac'tiousness *n.* (פעק'-שאס-נעס) דאס אויסבילדען א פארטיי אין א פארטיי.

facti'tious *a.* (פעק-טיש'-אס) קינסט־ליך, נאכגעמאכט.

facti'tiously *adv.* (פעק-טיש'-אס-לי) אויף א קינסטליכען, נאכגעמאכטען שטיי־גער.

facti'tiousness *n.* (פעק-טיש'-אס-נעס) דאס זיין קינסטליך אדער נאכגעמאכט.

fac'tor *n.* (פעק'-טאר) א פאקטאר, א גע־שעפטס־פיהרער; אן אגענט; אין מאטע־מאטיק — איינע פון די צוויי אדער עטלי־כע צאהלען פון א כפל [ווי למשל, די צאהלען 3 און 6 פון כפל 3×6=18].

fac'torage *n.* (פעק'-טאר-איידזש) קור־טאזש, אן אגענט'ס געצאהלט, פאקטאר־געלד.

facto'rial *a.* (פעק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א פאבריק; אין מאטעמא־טיק — וואס איז שייך צו די פאקטארען אדער צאהלען, וועלכע כפל'ען זיך איינע אויף די אנדערע.

fac'torship *n.* (פעק'-טאר-שיפ) פאק־טארשאפט, א שטעלע פון א געשעפטס־פיהרער.

fac'tory *n.* (פעק'-טא-רי) א פאבריק; מאנופאקטור; פאקטארייי.

fac'tory bill (פעק'-טא-רי ביל) דאס געזעץ [אין ענגלאנד] וואס פערבאט די איבערשטונדען־ארבייט פון קינדער אין די פאבריקען.

fac'tory price (פעק'-טא-רי פראיס) דער פאבריק־פרייז.

facto'tum *n.* (פעק-טאו'-טאם) איינער וואס איז אנגעשטעלט צו טהאן אלע אר־בייטען.

fac'ture *n.* (פעק'-טשור) א פאקטורע, דער חשבון וואס איין סוחר שיקט דעם אנדערען ביים אבשיקען איהם סחורות.

fac'ulæ *n.* (פעק'-יו-לי) העלע פלעקען אויף דער זון.

fac'ultative *a.* (פעק'-אל-טע-טיוו) פא־קולטאטיוו, פרייוויליג; וואס איז ניט קיין מוז; וואס מען קען טהאן ווי מען וויל.

fac'ultatively *adv.* (פעק'-אל-טע-טיוו-לי) אויף א פאקולטאטיווען אופן; לויט'ן ווילען; לויט דער אייגענער בחירה.

fac'ulty *n.* (פעק'-אל-טי) די פעהיגקייט, די קראפט, די גאבע, טאלאנט; דאס וואס איז געשאנקען געווארען; א פריווילעגיע, א לגאטע; א פאקולטעט [אין אוניווערזי־טעט]; א פאך פון א וויסענשאפט.

fac'ulty of arts (פעק'-אל-טי אוו ארטס) דער פילאזאפישער פאקולטעט אין די אל־טע אוניווערזיטעטען, וואו די סטודענטען פלעגען דורכגעהן די פאלגענדע וויסענשאפ־טען: גראמאטיק, לאגיק, רעטאריק, אריט־מעטיק, געאמעטריע, אסטראנאמיע און מו־זיק.

fac'ulty of law (פעק'-אל-טי אוו לאה) דער יורידישער פאקולטעט.

fac'ulty the'ory (פעק'-אל-טי טהי'-א־רי) אין פאליטישער עקאנאמיע — די טעאריע, אז שטייערען און צאהלונגען דארפען ארויפגעלעגט ווערען אויף יעדען איינעם לויט זיינע פעהיגקייטען און פער־מעגליכקייט.

fad *n. and v.* (פעד) א קאפריז, א טירוף, א משוגעת; א מאדע; א קאפריזנער מענש; איינער, וועלכען מען קען ניט צו־פריעדען שטעלען; בעשעפטיגען זיך מיט קלייניגקייטען; טהאן דאס וואס איז ניט וויכטיג.

fade *v. and a.* (פייד) וועלקען, וויאנגען; אונטערגעהן; אנווערען ביסלעכווייז דעם גלאנץ, קראפט אדער פרישקייט; מאט, שוואך, ניט אינטערעסאנט.

fa'ded *a.* (פיי'-דעד) אנגעווארען די העל־קייט; אבגעבלייכט; געווארען מאט [ווע־גען פארבען אדער קאלירען].

fade'less *a.* (פייד'-לעס) וואס ווערט ניט פערוועלקט אדער פערוויאנעט.

fade'lessly *adv.* (פייד'-לעס-לי) אזוי, דאס עס זאל ניט פערוועלקט אדער אבגעבלא־קירט ווערען.

fa'ding *n. and a.* (פיי'-דינג) דאס פער־וויאנגען, דאס אנווערען דעם קאליר אדער פרישקייט; דער אונטערגאנג; וואס פער־וויאנעט; וואס בלאקירט אב.

fa'dingness *n.* (פיי'-דינג-נעס) דאס אונטערגעהן, דאס פערוויאנען.

fæ'cal *a.* (פיע'-קעל) וואס איז שייך צו עקסקרעמענטען [צאה].

fæ'ces *n.* (פיע'-סיז) עקסקרעמענטען, צאה.

fag *v. and n.* (פעג) הארעוועון איבער די כחות; טהאן שווערע הויז־ארבייט; פערמאטערט ווערען פון הארעוואניע; צווינגען איינעם צו טהאן שווערע ארבייט פאר אן אנדערען; פאנאנדערדרעהען, אב־פלעכטען [ווי דעם עק פון א שטריק]; איינער וואס טהוט שווערע הויז־ארבייט; שווערע הארעוואניע; דאס פאנאנדערפלעכ־טען אן עק פון א שטריק; א פאנאנדערגע־פלאכטענער עק פון א שטריק אדער קא־נאט; אין זאלאגיע — דער מינק [א מין

ביבער, וואס לעבט ביים ברעג פון ים אדער פון א טייך].

fag at one's books (פעג עט הוואנז בוקס) שוויצען איבער די ביכער.

fag'-end *n.* (פעג'-ענד) א קראמקע, א קראיקע [פון טוך]; בראק, אויסשוס; א פאנאנדערגעפלאכטענער עק פון א שטריק.

fagged out (פעגד אוט) אויף'ן העכסטען אופן אויסגעמאטערט.

fag'ging-sys'tem *n.* (פעג'-אינג-סיס'-טעם) די סיסטעם אין געוויסע ענגלישע שוהלען, אז א תלמיד פון די נידריגע קלאסען דארף בעדיענען אן עלטערען און דיעזער דארף איהם דערפאר פערטיידיגען אין פאל, ווען זיינע חברים פאלען אויף איהם אן און שלאגען איהם.

fag'got *v. and n.* (פעג'-אט) *fagot* ז.

fag'ot *n. and v.* (פעג'-אט) א בינטעל ריטער אדער שטעקענס; טויט-שטראף דורך פערברענען לעבעדיגערהייט [דורך דעם בינטעל ריטער וואס מען פלעגט אונטערצינדען אונטער דעם פעראורטיילטען]; א צייכען פון א בינטעל ריטער, וואס אין מיטעלאלטער פלעגט א מענש, וועלכער האט בעלאנגט צו אן אפיקורס'ישער סעקטע און דערנאך חרטה געהאט און תשובה געטהאן, דארפען טראגען, כדי צו בעווייזען וואס פאר א שטראף דער מענש וואלט בעקומען ווען ער וואלט ניט חרטה געהאט אויף זיינע זינד; א בינטעל אייזערנע שטעקלעך; א בינטעל צוזאמענגעבונדענע פיש, וועלכע מען הענגט אויף צו טריקענען; א מענש וועלכען מען פלעגט אמאל אין ענגלאנד ארייננעהמען אין דער ארמעע ניט אלס סאלדאט, נאר כדי די ארמעע זאל אויסווייזען גרעסער; צוזאמענבינדען אין איינעם.

fag'ot i'ron (פעג'-אט אי'-ערן) שטאב-אייזען [אייזען געצויגען אין שטאנגען].

fagot'to *n.* (פע-גאט'-או) א פאגאט [אזא מוזיקאלישער בלאז-אינסטרומענט].

fag'ot-vote *n.* (פעג'-אט-וואוט) א / שטרויענע וואהל-שטימע [די וואהל-שטימע פון מענשען, וועלכע מען פלעגט אמאל אין ענגלאנד ארויסשטעלען אלס כלומר'שטיגע בעזיצער פון אייגענטום, וואס דאס פלעגט זיי געבען א רעכט צו שטימען פאר א געוויסען קאנדידאט אין פארלאמענט].

fag'ot-vo'ter *n.* (פעג'-אט-וואו'-טער) א שטרויענער וועהלער. *fagot-vote* ז.

fag out (פעג אוט) — אין קריקעט-שפיעל כאפען דעם באל אדער אבשטעלען זיין לויף.

fahl'erz *n.* (פאל'-ערטס) דאס פאהל-ערץ [גרויער, רויהער קופער].

Fahr'enheit *a.* (פאר'-ען-האיט) פארענהייט'ס; וואס איז שייך צו פארענהייט'ס טערמאמעטער, וועלכער ווערט געברויכט אין ענגלאנד און אמעריקא [דיעזער טערמאמעטער צייכענט זיך אויס פון אנדערע דערמיט, וואס דער פרירונגס-פונקט פון וואסער איז אין איהם בעצייכענט ניט מיט 0, נאר מיט 32, און די צאהל פון גראדען פון דעם פרירונגס-פונקט ביז'ן זידע-פונקט איז 180, ד. ה. פון 32-טען ביז 212-טען גראד].

faience' *n.* (פא-יאנס') פאיאנס, פארצעליי.

faik *v. and n.* (פייק) *fake* ז.

fail *v. and n.* (פייל) פעהלען; פערפעהלען; אויסבלייבען; זיך אירען; דורכפאלען; ניט דערגרייכען; ניט ערפילען [א התחיבות]; ניט טרעפען; ניט האלטען [ווארט]; פערזאמען; ניט געלינגען; מאכען באנקראט, אנזעצען; פערלאזען; שוואך ווערען; דאס פעהלען, דאס אויסענבלייבען; א מאנגעל; א דורכפאל; ניט-געלינגענהייט.

fai'ling *n.* (פיי'-לינג) דאס פעהלען; דאס דורכפאלען; אונפאלקאמענהייט; שוואכקייט.

fail in health (פייל אין העלטה) זיין שוואך אין געזונד.

fail'ure *n.* (פייל'-יור) דאס פעהלען; דאס אויסענבלייבען; דאס אויסלאזען; דאס ניט טרעפען, א דורכפאל; דאס ניט געלינגען, דאס ניט האבען קיין ערפאלג; דאס ניט ערפילען; שוואכקייט, דאס שוואך ווערען; א פעהלער, א מאנגעל; באנקראט.

fail'ure of crops (פייל'-יור אוו קראפס) אן אונגערעטעניש.

fain *a. and v.* (פיין) מיט פרייד; גערן; מיט צופריעדענהייט; זיין צופריעדען, זיין דערפרעהט; וועלען, פערלאנגען; איינוויליגען געצוואונגענערהייט.

fai'neance *n.* (פיי'-נע-ענס) פוילקייט.

fainéant' *a. and n.* (פיי-ניי-אן') פויל, אונטהעטיג, אונטויגליך; א פוילענצער, א שטיק גארנישט.

fain'ness *n.* (פיינ'-נעס) צופריעדענהייט.

faint *a. and v.* (פיינט) שוואך, מאט; קראפטלאז; פויל; מוטלאז; שרעקעדיג; בלאס; פערליערען דעם מוטה; שוואך ווערען; פאלען אין אונמאכט אדער אין חלשות.

faint'-draw *v.* (פיינט'-דראה) שוואך צייכענען, אנדייטען.

faint'-hear'ted *a.* (פיינט'-האר'-טעד) קליינמוטיג, שרעקעדיג.

faint'-hear'tedly *adv.* (פיינט'-האר'-טעד-לי) אויף א קליינמוטיגען אדער שרעקעדיגען אופן.

faint'-hear'tedness *n.* (פיינט'-האר'-טעד-נעס) קליינמוטיגקייט, שרעקעדיגקייט.

fain'ting *n.* (פיינ'-טינג) אונמאכט, חלישות.

fain'tish *a.* (פיינ'-טיש) עטוואס שוואך, מאט.

fain'tishness *n.* (פיינ'-טיש-נעס) שוואכקייט, מאטקייט; איבעלקייט, ניט-גוטקייט.

faint'ly *adv.* (פיינט'-לי) שוואכליך, שרעקעדיג; אהן ענערגיע, אהן מוטה.

faint'ness *n.* (פיינט'-נעס) שוואכקייט, מאטקייט; קליינמוטיגקייט, שרעקעדיגקייט.

faints *n.* (פיינטס) דער שוואכער און אונריינער ספירט, וואס טיילט זיך אב ביים דיסטילירען בראנפען.

fair *a., adv., n. and v.* (פעהר) אפען, אויפריכטיג, עהרליך; גערעכט; ריכטיג; אונפארטייאיש; פאסענד, אננעהמבאר; שעהן; העל, קלאר, אהן וואלקענס; דייטליך, זויבער, ריין גוט, גינסטיג; זאנפט; אנגענעהם; א שעהנהייט; א יאהרמארק, א יריד; א באזאר [אן אויסשטעלונג פון ארטיקלען צו פערקויפען פאר א געזעלשאפטליכען צוועק]; מאכען שעהן; צורעכט מאכען; אויפהערען רעגענען, זיך אויסלייטערען.

fair and soft'ly (פעהר ענד סאפט'-לי) שטיל און געלאסען.

fair and square (פעיר ענד סקהוועהר) פאלקאמען עהרליך; גאנץ אפען און אהן פעריטעלטקייט.

fair befall' you (פעהר בי-פאהל' יו) גאט זאל אייך מצליח זיין.

fair chance (פעהר טשענס) א גינסטיגע געלעגענהייט; א גינסטיגע אויסזיכט אויף עפעס.

fair'-condi'tioned *a.* (פעהר'-קאנ-דיש'-אנד) וואס איז אין גוטע בעדינגונגען.

fair cop'y (פעהר קאפ'-אי) א ריין-איבערגעשריבענע שריפט.

fair'-dea'ler *n.* (פעהר'-דיע'-לער) א סוחר וואס האנדעלט אויף א יריד.

fair field (פעהר פיעלד) א גוטע געלעגענהייט פאר טהעטיגקייט.

fair'-ground *n.* (פעהר'-גראונד) א פלאץ וואו עס ווערט געמאכט א באזאר [אן אויסשטעלונג, הויפטזעכליך פון אגריקולטור-ארטיקלען].

fair'-haired *a.* (פעהר'-העהרד) וואס האט בלאנדע האר.

fair'-hand *a.* (פעהר'-הענד) איכפאזאנט, וואס זעהט אויס ערהאבען.

fair'ily *adv.* (פעהר'-אי-לי) אויף א צויבערהאפטען, פאנטאסטישען אופן.

fair'ing *n.* (פעהר'-אינג) א מתנה פון יריד; א גאסטינעץ.

fair'ish *a.* (פעהר'-איש) גאנץ פיין, גאנץ גוט.

fair'ly *adv.* (פעהר'-לי) אויף אן אנשטענדיגען, פיינעם אופן; פיין, עדעל, עהרליך, בכבוד'יג; פול, גאנץ, קלאר; אויסגעצייכענט; קלוג; אבסאלוט, זיכער, געוויס, ריכטיג, פינקטליך, אקוראט.

fair'-min'ded *a.* (פעהר'-מאינ'-דעד) מיט אן עהרליכער אורטיילונג; קארעקט; אויפריכטיג.

fair'-min'dedness *n.* (פעהר'-מאינ'-דעד-נעס) דאס זיין אויפריכטיג, עהרליך; דאס אורטיילען עהרליך, אהן נשיאות פנים.

fair'ness *n.* (פעהר'-נעס) שעהנקייט, ריינקייט, עהרליכקייט, אפענהערציגקייט, פריינדליכקייט, אנשטענדיגקייט, אונפארטייליכקייט.

fair play (פעהר פליי) אן עהרליכע בעהאנדלונג געגענאיבער א געגנער; אונפארטייאישקייט, עהרליכקייט, דאס געבען א גלייכע געלעגענהייט [א געגנער].

fair pro ra'ta (פעהר פראו ריי'-טא) א גלייכמעסיגע פערטיילונג.

fair rea'der! (פעהר ריע'-דער) ליעבע לעזערין!

fair'-see'ming *a.* (פעהר'-סיע'-מינג) וואס ווייזט אויס עהרליך, פיין, קארעקט.

fair sex (פעהר סעקס) דאס שעהנע געשלעכט, דאס פרויען-געשלעכט.

fair'-spo'ken *a.* (פעהר'-ספאו'-קען) ריכטיג גערעדט; מיט א שעהנעם אויסדרוק; שמייכלענד.

fair'-time *n.* (פעהר'-טאים) יריד-צייט.

fair to mid'dling (פעהר טו מיד'-לינג) מיטעלמעסיג; ניט גאר שלעכט, אבער אויך ניט זעהר גוט.

fair'-tongue *n.* (פעהר'-טאנג) א חונף.

fair'-town *n.* (פעהר'-טאון) א מארק-שטאדט; א שטאדט, וואו דארטען איז א יריד אדער א מארק.

fair'way *n.* (פעהר'-הוויי) דער טייל פון א טייך אדער קאנאל, וואו שיפען קענען געהען.

fair'-weath'er *a.* (פעהר'-הוועטה'-ער) וואס איז צוגעפאסט אדער וואס קען עקזיסטירען נור אין א שעהנעם אדער גוטען וועטער; וואס קען עקזיסטירען נור ביי גוטע אומשטענדען; וואס קען ניט אריבערטראגען קיין שלעכטע לאגע.

fair'-weath'er friends (פעהר'-

הוועטה'-ער פרענדז) גוטע פריינד כל זמן דאס רעדעלע דרעהט זיך.

fair'-weath'er sai'lors (פעהר'-הוועטה'-ער סיי'-לארז) מאטראזען וואס ארבייטען שלעכט.

fair wind (פעהר הווינד) א גינסטיגער ווינד [פאר א זעגעל-שיף].

fair'y *n. and a.* (פעהר'-אי) א פעע [אין די לעגענדען פון פערשיעדענע פעלקער — א פאנטאסטישע שעהנע פרוי, וועלכע בעוויזט זיך צו מענשען אין געוויסע מאמענטען, אננעהמענדיג פערשיעדענע געשטאלטען]; וואס איז שייך צו די פעען; עהנליך צו א פעע; שעהן, גראציעז.

fair'y cir'cles (פעהר'-אי סוירקלז) ז. *fairy rings*.

fair'y dance (פעהר'-אי דענס) פעען-טאנץ. ז. *fairy rings*.

fair'yism *n.* (פעהר'-אי-איזם) פעען-עהנליכקייט; דער גלויבען אין פעען; א פעען-געשיכטע, א פאנטאסטישע געשיכטע; לעגענדען וועגען פעען.

fair'y-land *n.* (פעהר'-אי-לענד) דאס פעענלאנד, דאס צויבערלאנד.

fair'ylike *a.* (פעהר'-אי-לאיק) ווי א פעע.

fair'y-queen *n.* (פעהר'-אי-קהוויען) די פעען-קעניגין.

fair'y rings (פעהר'-אי רינגז) פעען-רינגען אדער פעען-טאנץ [דאס ארויס-שפראצען פון געוויסע שוועמלעך אויף די פעלדער און לאנקעס. זיי שפראצען ארויס אפט אין איין נאכט אין דער פארם פון רינגען אדער קרייזלעך און ווייל זיי ערשיינען גאנץ אונערווארטעט, הערשט אין פאלק א גלויבען, אז זיי קומען ארויס דארטען, וואו פעען און רוסאלקעס האבען געטאנצט].

fair'y sparks (פעהר'-אי ספארקס) פעען-פונקען [די פאספארישע שיין וואס קומט פון פוילענדע שטאפען].

fair'y-tale *n.* (פעהר'-אי-טייל) א צויבער-מעשה.

fait accompli' (פייט ע-קאהנ-פלי') אן אבגעטהאנענע זאך.

faith *n.* (פייטה) א גלויבען; אמונה; נאמנות; טרייהייט; עהרליכקייט.

faith'-cure *n.* (פייטה'-קיור) דאס היילען קראנקהייטען דורך תפילות.

faith'-cur'er *n.* (פייטה'-קיור'-ער) איינער וואס היילט קראנקהייטען אדער וואס גלויבט אז מען קען היילען קראנקהייטען דורך תפילות.

faith'ful *a. and n.* (פייטה'-פול) טריי, געטריי; גלויבענסווערטה; עהרליך; לאיאל; א טרייער, איבערגעגעבענער מענש.

faith'fully *adv.* (פייטה'-פול-אי) 1. אויף א טרויענסווערטהען, געטרייען שטייגער; 2. מיט טרייהייט, מיט איבערגעבענהייט.

1. I shall carry out your order **faithfully.**
2. **Faithfully** yours, John Alden.

faith'ful mem'ory (פייטה'-פול מעמ'-א-רי) א טרייע געדעכניס.

faith'fulness *n.* (פייטה'-פול-נעס) טרייהייט, געטרייהייט; עהרליכקייט; לאיאליטעט; בעשטענדיגקייט.

faith'ful transla'tion (פייטה'-פול טרענס-ליי'-שאן) א גענויע, ריכטיגע איבערזעצונג.

faith'-hea'ler *n.* (פייטה'-היע'-לער) ז. *faith-curer*.

faith'-hea'ling *n.* (פייטה'-היע'-לינג) ז. *faith-cure*.

faith'less *a.* (פייטה'-לעס) אהן אמונה, אונגלויביג; טריילאז, אונטריי.

faith'lessly *adv.* (פייטה'-לעס-לי) דורך אונטרייהייט; אויף אן אונלאיאלען שטייגער.

faith'lessness *n.* (פייטה'-לעס-נעס) אונטרייהייט, טריילאזיגקייט.

faix *int.* (פייקס) אויף מיינע נאמנות!

fake *n. and v.* (פייק) איינע פון די רינגען פון א רונד-צונויפגעוויקעלטען שטריק; א שווינדעל, א פאלשקייט; א נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע זאך; אויסטראכטען עפעס; גנב'ענען; פעלשען נייעס.


Fake

fakeer' *n.* (פע-קיער') ז. *fakir*.

fake'ment *n.* (פייק'-מענט) שווינדעל, פעלשונג.

fa'ker *n.* (פיי'-קער) א שווינדלער, א פעלשער.

fake up (פייק אפ) צושטוקעווען.

fakir' *n.* (פע-קיר') דער פאקיר [א בעטלער-מאנאך אין אינדיען]; א בודיסטישער פרוש אדער אסקעט.

fakir'ism *n.* (פע-קיר'-איזם) די פרינציפען און האנדלונגען פון די מחמד'אנישע פאקירען אדער בעטלער-מאנאכען; די אסקעטישע לעהרען פון די אינדישע אדער בודיסטישע פאקירען.

falcade' *n.* (פעל-קייד') דאס פאלען פון א פערד אויף די הינטערשטע פיס.

fal'cate *a. and n.* (פעל'-קייט) געבויגען ווי א סערפ; עטוואס וואס איז אויסגעבויגען ווי א סערפ.

fal'cated *a.* (פעל'-קיי-טעד) ז. *falcate*.

falca'tion *n.* (פעל-קיי'-שאן) דאס אויסבויגען ווי א סערפ.

fal'chion *n.* (פאהל'-טשאן) א פאלאש, א קורצע, ברייטע און אויסגעבויגענע שווערד.

fal'ciform *a.* (פעל'-סי-פארם) ז. *falcate*.

fal'con *n.* (פעל'-קאן) א פאלק-פויגעל, א פאלק, א סאקאל; אזא קאנאנע.


Falcon

fal'coner *n.* (פעל'-קא-נער) איינער וואס ערציהט פאלקען [סאקאלען] פאר יאגד אויף פויגלען; איינער וואס פיהרט א יאגד מיט דער הילף פון געלערענטע פאלקען.

fal'conet *n.* (פעל'-קא-נעט) א קליינער פאלק [סאקאל].

fal'con-eyed *a.* (פעל'-קאנ-איד) וואס האט פאלקען-אויגען; וואס האט שארפע, ליכטיגע אויגען.

fal'con-gen'tle *n.* (פעל'-קאנ-דזשענטל) דער עדעל-פאלק [א געוויסער מין פאלק]; די "זי"-טויבענפאלק אדער א יונגער טויבענפאלק.

fal'conine *a. and n.* (פעל'-קא-נין) וואס איז שייך צו א פאלק אדער סאקאל; א פאלק.

fal'conry *n.* (פעל'-קאנ-רי) די קונסט איינצולערנען געפאנגענע פאלק-פויגלען צו כאפען אנדערע פויגלען; דאס פיהרען יאגד אויף פויגלען דורך געלערענטע פאלק-פויגלען.

fal'con-shaped *a.* (פעל'-קאנ-שייפט) עהנליך צו א רויב-פויגעל [וועגען פערציערונגען].

fal'dage *n.* (פעל'-דיידזש) הערדען-רעכט [דאס רעכט פון די פריצים אין מיטעלאלטער צו צווינגען די פויערים, זיי זאלען פיטערען זייערע בהמות אויף דעם פריץ'ס ערד, כדי זי צו בעמיסטיגען]; א שטייער ארויפגעלעגט אויף די פויערים אלס בעלוינונג פאר דער בעפרייאונג פון דיעזער פפליכט.

fald'stool *n.* (פאהלד'-סטוהל) א צונויפלעג-שטוהל, א שטוהל וואס קען זיך צוזאמענלעגען; אזא שטוהל מיט א קישעלע, צו קניען אין א קלויסטער; אזא מין סטענדער אין א קלויסטער.

fall *v., n. and a.* (פאהל) פאלען, אבפאלען, פערמינדערט ווערען, זינקען, אראבשטירצען, אריינפאלען, זיך ארייננגיסען [וועגען טייכען]; אומקומען, רואינירט ווערען; אויסקומען, פאסירען, אויספאלען, געבארען ווערען [הויפטזעכליך וועגען שעפסען און עהנליכע בעשעפעניש]; הענגען, אראבהענגען [ווי די פאלדען פון א קלייד אדער פארהאנג]; ווערען..., אנהויבען, איבערגעהן אין א נייעם צושטאנד; א פאל, דאס פאלען, דאס זינקען, דאס אבפאלען, דאס פערמינדערט ווערען; וואסערפאל; הערבסט; דאס אויסהאקען בוימער; דאס וואס ווערט אויסגעהאקט [וועגען בוימער]; דאס אומווארפען [ביים ראנגלען זיך]; דער בעוועגליכער טייל פון א פיאנא וואס דעקט צו די קלאווישען; גידערונג פון א שטימע; הערבסטליך.

falla'cious *a.* (פע-ליי'-שאס) בעטריגליך, טריגעריש, פאלש, וואס נארט אב, פערפיהרט אדער ברייגנט צו א טעות; סאפיסטיש; וואס ציהט אדער ברייגנט ארויס פאלשע שליסע.

falla'ciously *adv.* (פע-ליי'-שאס-לי) אויף א פאלשען אדער בעטריגערישען שטייגער; דורך א טעות; סאפיסטיש, ציהענדיג פאלשע שליסע.

falla'ciousness *n.* (פע-ליי'-שאס-נעס) בעטריגליכקייט, פאלשקייט.

fal'lacy *n.* (פעל'-ע-סי) בעטריגליכקייט, פאלשקייט, א טעות; עטוואס וואס נארט אב, וואס פערפיהרט אדער וואס ברייגנט צו א טעות; א פאלשער געדאנקען-גאנג אדער ארגומענטאציאן; א סאפיזם.

fal'lal *n. and a.* (פעל'-על) פליטערלעך, קליינינגקייטען, נארישקייטען [וועגען בעפוצונגען]; שטיקלעך פלאטערענדע סטענ-

געם וואס מען פלעגט טראגען אלס בעצירונג אין 17טען יאהרהונדערט; קינדיש, נאריש, קליינליך.

fall a prey (פאהל ע פריי) פאלען אלס אפפער.

fall asleep' (פאהל ע-סליעפ') איינשלאפען.

fall at odds (פאהל עט ארז) קומען אין צוזאמענשטויס, זיך צוקריגען.

fall away' (פאהל ע-הוויי') אבגעצעהרט ווערען. איינדארען; ביסלעכווייז פערשווינדען; אומקומען; אבפאלען [פון א גלויבען, בעוועגונג א. ד. ג.]; אבטריניג ווערען.

fall back (פאהל בעק) צוריקטרעטען, אויפגעבען; ניט ערפילען א פערשפרעכען, ניט דערגרייכען א ציעל.

fall back upon' (פאהל בעק א-פאן') זיך שטיצען [אויף עפעס], זיך אנהאלטען [אן עפעס], זיך שיצען [דורך עפעס].

fall behind' (פאהל בי-האינד') בלייבען אהינטער, בלייבען הינטערשטעליג; זיין איבערטראפען.

fall calm (פאהל קאהם) אנהויבען זיך איינצושטילען [וועגען ווינד אויף'ן ים].

fall down (פאהל דאון) אנידערפאלען; פאלען כורעים; פאהרען מיט'ן שטראם.

fall down from fa'vor (פאהל דאון פראם פיי'-וואר) פערליערען דעם חן אין איינעם'ס אויגען, ארייןפאלען אין אונגנאדע.

fall'en *a.* (פאהלן) געפאלען, געזונקען, רואינירט.

fall'en one (פאהלן הוואן) א געפאלענע, א פראסטיטוטקע.

fall'en wood (פאה'לן הוואוד) אויסגעהאקטע בוימער, פערדארט האלץ.

fall'er *n.* (פאהל'-ער) איינער אדער עטוואס וואס פאלט אדער ברייננט איינעם אדער עפעס צום פאלען; טיילען פון מאשינען, וואס הויבען זיך און פאלען.

fall flat (פאהל פלעט) ניט האבען קיין ערפאלג [אין דער אנשטרענגונג צו ציהען אויפמערקזאמקייט, ארויסרופען סימפאטיע א. ד. ג.].

fall foul (פאהל פאול) זיך אנשטויסען [וועגען שיפען]; אנגרייפען, אטאקירען.

fall from grace (פאהל פראם גרייס) ווערען דורך און דורך זינדיג [ארייןפאלען אין נ' שערי טומאה].

fallibil'ity *n.* (פעל-אי-ביל'-אי-טי) דער טעות, די פעהלבארקייט, אירטימליכקייט.

fal'lible *a.* (פעל'-איבל) פעהלבאר; וואס קען מאכען אדער האבען א טעות; וואס איז פאלש אדער אירענד.

fal'libleness *n.* (פעל'-איבל-נעם) ז. *fallibility*.

fal'libly *adv.* (פעל'-אי-בלי) על פי טעות.

fall ill (פאהל איל) קראנק ווערען.

fall in (פאהל אין) ארייןפאלען; צוזאמענפאלען; צוזאמענטרעפען; צונויפגעהן זיך.

fall'ing *n.* (פאהל'-אינג) דאס פאלען; דאס וואס פאלט; דאס זינקען; דאס וואס זינקט.

fall'ing-band *n.* (פאהל'-אינג-בענד) א ברייטער קאלנער וואס לעגט זיך אויס אויף די אקסלען, וועלכען מען האט געטראגען אין 16-טען און 17-טען יאהרהונדערט.

fall'ing-down *n.* (פאהל'-אינג-דאון) דאס אנידערפאלען.

fall'ing in (פאהל'-אינג אין) דאס ארייןפאלען.

fall'ing-latch *n.* (פאהל'-אינג-לעטש) א קליאמקע וואס פערמאכט זיך אליין.

fall'ing-out *n.* (פאהל'-אינג-אוט) א מחלוקה, א קריעג, א דיספוט.

fall'ing-sick'ness *n.* (פאהל'-אינג-סיק'-נעם) די פאליגע, עפילעפסיע, חולי נופלים.

fall'ing-star *n.* (פאהל' אינג-סטאר) דער פאלענדער שטערען, א מעטעאר.

fall'ing stone (פאהל'-אינג סטאון) א מעטעאר, א שטיין וואס פאלט פון הימעל.

fall'ing weath'er (פאהל'-אינג הוועטה'-ער) א רעגענדיג אדער שנעעדיג וועטער.

fall in love (פאהל אין לאוו) זיך פערליעבען.

fall in tears (פאהל אין טיערז) אויסברעכען מיט א געוויין.

fall in'to (פאהל אינ'-טו) ארייןפאלען אין...

fall in'to abey'ance (פאהל אינ'-טו ע-ביי'-ענס) ארוים פון קראפט, ניט מעהר גילטיג.

fall in'to a cus'tom (פאהל אינ'-טו ע קאס'-טאם) אונטערווארפען זיך דעם מנהג, נאכפאלגען א געוויסע מאדע.

fall in'to a pas'sion (פאהל אינ'-טו ע פעש'-אן) ווערען אויפגעבראכט; ארייַן אין כעס.

fall in'to decay' (פאהל אינ'-טו די-קיי') פאנאנדערפאלען, אונטערגעהן, צושטערט ווערען.

fall in'to disuse' (פאהל אינ'-טו דיס-יוס') ווערען אונגעברויכליך.

fall in'to er'ror (פאהל אינ'-טו ער'-אר) ארייןפאלען אין א טעות.

fall in'to tempta'tion (פאהל אינ'-טו טעמפ-טיי'-שאן) ארייןפאלען אין א נסיון.

fall off from (פאהל אף פראם) פערלאזען, אויפגעבען, אבשטעהן פון עפעס.

fall of the leaf (פאהל אוו טהי ליעף) הערבסט; דאס פערוועלקען [פערוויאנען].

fall on one's feet (פאהל אן הוואנז פיעט) אראבפאלען און בלייבען שטעהן אויף די פים; גליקליך ארויסדרעהען זיך פון עפעס; ארויסקומען גאנץ מיט די ביינער; ניט ליידען קיין היזק.

Fallo'pian tubes (פע-לאו'-פי-ען טיובז) די פאלאפישע רעהרען [אין געשלעכטס-ארגאן פון פרויען. זיינען ענטדעקט געווארען פון אנאטאמיסט פאלאפוס אין 16טען יאהרהונדערט].

fall out (פאהל אוט) זיך קריגען, אנפאנגען א קריגעריי; אויספאלען, פאסירען.

fall out ill (פאהל אוט איל) זיך ענדיגען שלעכט, ניט האבען קיין ערפאלג.

fall o'ver (פאהל או'-ווער) אנידערפאלען; אריבערפאלען; ארויפווארפען זיך אויף עפעס אדער דורך עפעס; אוועקגעהן; אנטלויפען; אריבערגעהן אויף איימעצענס זייט.

fall o'verboard (פאהל או'-ווער-באורד) ארונטערפאלען פון שיף; אראבפאלען.

fal'low *v., n. and a.* (פעל'-או) אויפאקערען לאנד, אבער לאזען דאס א לאנגע צייט אונפערזייהט, כדי די ערד זאל ווערען ווייך; דאס איבערלאזען א פעלד אויף א געוויסער צייט אונבעארבייט, כדי צו פערשטארקען די זאפטיגקייט פון דער ערד; דאס אויפאקערען א פעלד אבער ניט פערזייהען עס; דאס איבערלאזען א פעלד אונבעארבייט; געאקערט אבער ניט פערזייהט; ניט בעארבייט, ניט קולטיווירט; פערלאזען; געלבליך, בלייך, רויטליךגעלב.

fal'low-chat *n.* (פעל'-או-טשעט) ז. *fallow-finch*.

fal'low-deer *n.* (פעל'-או-דיער) דער דאמהירש [אזא הירש פון א געלבליכען קאליר מיט ווייסע פלעקען].

Fallow-deer

fal'low-finch *n.* (פעל'-או-פינטש) דאס ווייסקעלכען [אזא קליין פויגעלע פון דעם שפערלינג מין].

fal'lowness *n.* (פעל'-או-נעם) דאס זיין אויפגעאקערט אבער ניט פערזייהט; אונפרוכטבארקייט.

fall plump in (פאהל פלאמפ אין) גלייך ארייןפאלען אין...

fall short (פאהל שארט) צו קורץ קומען; ניט דערגרייכען, ניט דערכאפען די מאס.

This year's crop **falls short** of all expectation.

fall short in du'ty (פאהל שארט אין דיו'-טי) ניט נאכקומען א פפליכט.

fall sick (פאהל סיק) קראנק ווערען.

fall through (פאהל טהרוה) דורכפאלען; גארנישט ערגרייכען.

fall to (פאהל טו) פעסט פערמאכען; זיך א נעהם טהאן מיט ענערגיע אדער חשק.

fall to decay' (פאהל טו די-קיי') פאנאנדערפאלען, זיך צופאלען; פערוועלקט [פערוויאנעט] ווערען.

fall to ea'ting (פאהל טו איע'-טינג) זיך צוכאפען צום עסען.

fall to pie'ces (פאהל טו פיע'-סעז) צוברעקלען זיך, פאנאנדערפאלען.

fall to ru'in (פאהל טו רו'-אין) חרוב ווערען, איינפאלען.

fall to the ground (פאהל טו טהי גראונד) צו נישט ווערען, זיך אויסלאזען מיט גארנישט.

fall to the lee'ward (פאהל טו טהי ליע'-הווארד) אבטרעטען פון דער ווינדריכטונג, ניט קענען אויסנוצען דעם ווינד.

fall to work (פאהל טו הווארק) נעהמען זיך מיט התמדה צו דער ארבייט.

fall'trank *n.* (פאהל'-טרענק) שווייצער טהעע [א מעדיצין פאר וואונדען, וועלכע ווערט געמאכט פון פערשיעדענע ארא מאטישע גראזען וואס וואקסען אויף די אלפען-בערג אין דער שווייץ].

fall un'der (פאהל אנ'-דער) ארונטערפאלען [אונטער אימעצענס מאכט, איינפלוס א. ד. ג.].

fall un'der displeas'ure (פאַהל אַנ'-דער דיס-פּלעזש'-אור) אַריינפאַלען אין אַן אונ'חן.

fall upon' (פאַהל אַ-פּאָן') אָנפאַלען, אַטאַקירען; מאַכען אַ פּראָבע; זיך אַ נעהם טהאָן; ענטדעקען.

false *a.* (פאָהלס) פאַלש; פעהלערהאַפט; בעטריגעריש; טרייַלאָז.

false'-at'tic *n.* (פאָהלס'-עט'-איק) די פאַלשע אַטיקאַ [אין אַרכיטעקטור — אַ צובוי איבער'ן דאַך פון אַ בנין אין דער פאָרם פון אַ מאַנסאַרדע, נאָר אָהן וואַנד-זיילען און אָהן פענסטער, דיענט אַלס פּלאַץ פאַר אַרכיטעקטור-פערציערונגען און אויפשריפטען].

false bo'ding (פאָהלס באָו'-דינג) פאַלשע נביאות.

false bot'tom (פאָהלס באַט'-אָם) אַ דאָפּעלטער [פערבאָרגענער] דעק.

false'-coi'ner *n.* (פאָהלס'-קאָי'-נער) איינער וואָס מאַכט פאַלש געלד.

false concep'tion (פאָהלס קאָן-סעפּ'-שאָן) 1. פאַלשע שוואַנגערשאַפט [אַ גע-וויקס אין מוטער-לייב ביי אַ פרוי וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון שוואַנגערשאַפט]; 2. אַ פאַלשער בעגריף, אַ פאַלשע פאָר-שטעלונג.

2. He has a false conception of the spirit of our government.

false dea'ler (פאָהלס דיע'-לער) אַ שו-לער [אַ קאָרטען-שווינדלער]; אַ שווינד-לער.

false edge (פאָהלס עדזש) די טעמפּע זייט פון אַ שווערד; די זייט פון שווערד, וועלכע איז געווענדעט צו דעם געזיכט פון דעם, וואָס האַלט די שווערד שטעהענדיג אויף דער וואַך.

false'-faced .. *a.* (פאָהלס'-פעיסט) צביעות'דיג, פערשטעלט, היפּאָקריטיש.

false fire (פאָהלס פאַיר) אַ פערפיה-רעריש פייער [אַ לייכט-פייער וואָס פער-פיהרט אַ שיף].

false front (פאָהלס פראָנט) אַ האָר-באַנד אָדער שמאָלער פּאַרוק מיט אַ טשעפּטשיק וואָס פרויען טראָגען און וועלכער בעדעקט נור דעם פאָדערשטען טייל פון קאָפּ.

false'-hear'ted *a.* (פאָהלס'-האַר'-טעד) פאַלש-הערציג, טרייַלאָז; נידערטרעכטיג.

false'-hear'tedness *n.* (פאָהלס'-האַר'-טעד-נעס) פאַלשקייט, בעטרוג; ני-דערטרעכטיגקייט.

false'hood *n.* (פאָהלס'-הוד) פאַלשקייט; ליגען; בעטרוג.

false impris'onment (פאָהלס אים-פּריז'נ-מענט) אַן אונגעזעצליכע פער-האַפטונג.

false'ness *n.* (פאָהלס'-נעס) פאַלשקייט.

false note (פאָהלס נאָוט) אַ פאַלשער טאָן אָדער נאָטע [אין מוזיק].

false persona'tion (פאָהלס פּויר-סאָ-ניי'-שאָן) דאָס אַרויסטרעטען אונטער דעם נאָמען פון אַן אַנדער פּערזאָן פאַר שווינדלערישע צוועקען.

false ribs (פאָהלס ריבז) די לעצטע פינף קורצע ריפּען.

false roof (פאָהלס רוהף) די סטעליע פון אַ דאַך-צימער וואָס איז געמאַכט אין דער פאָרם פון אַ דאַך.

false step (פאָהלס סטעפּ) אַ פעהלער, אַ פערזעהן.

falset'tist *n.* (פאַהל-סעט'-איסט) איי-נער וואָס זינגט פאַלצעט [קאָפּ-שטימע].

falset'to *n.* and *a.* (פאַהל-סעט'-אָו) אַ פאַלצעט-שטימע [אַ קאָפּ-שטימע]; וואָס האָט די איינגעשפּאַנטע פון אַ פאַלצעט-שטימע.

fal'sifiable *a.* (פאַהל'-סי-פאַי-עבל) וואָס מען קען פעלשען אָדער נאָכמאַכען; פעלשבאַר.

falsifica'tion *n.* (פאַהל-סי-פי-קיי'-שאָן) פעלשונג; נאָכמאַכונג.

fal'sificator *n.* (פאַהל'-סי-פי-קיי-טאָר) אַ פעלשער, אַ נאָכמאַכער; אַ ליגנער; איינער וואָס מאַכט פאַלש געלד.

fal'sifier *n.* (פאַהל'-סי-פאַי-ער) ז. *falsificator*.

fal'sify *v.* (פאַהל'-סי-פאַי) פעלשען, פערפעלשען; נאָכמאַכען; בעווייזען אַלס פאַלש; פאַלש פאָרשטעלען; זאָגען ליגען.

fal'sity *n.* (פאַהל'-סי-טי) פאַלשקייט; אַ ליגען.

fal'ter *v.* and *n.* (פאָהל'-טער) זיך שטרויכלען, שוואַנקען, וואַקלען; שטאַמ-לען; דאָס שטרויכלען, דאָס שוואַנקען, דאָס וואַקלען; דאָס שטאַמלען.

fal'teringly *adv.* (פאָהל'-טער-אינג-לי) שטרויכלענדיג זיך, שוואַנקענדיג, וואַקלענ-דיג; שטאַמלענדיג.

fal'tranck *n.* (פעל'-טרענק) ז. *falltrank*.

fame *n.* and *v.* (פיים) רוהם; בעֵ-ריהמטקייט; בעריהמט מאַכען.

famed *a.* (פיימד) בעריהמט.

fame'less *a.* (פיים'-לעס) אָהן רוהם, ניט בעריהמט.

famil'iar *a.* and *n.* (פע-מיל'-יער) פאַמיליאַר, אינטים, פערטרויליך, פער-טרויט; גוט בעקאַנט; אונגעצוואונגען, ניט אַנגעצויגען, ווי ביי זיך אין דער היים; וואָס בעלאַנגט צו דער אומגאַנגס-שפּראַך; פּשוט, געוועהנליך; אַ פערטרוי-טער אָדער אינטימער פריינד; אַ הויז-גייסט, אַ שד; אַ הויז-מיטגליעד פון פּאַפּסט אָדער פון אַ בישאָף; אַ בעאַמ-טער פון דער אינקוויזיציע וואָס פלעגט אויספיהרען די פערהאַפטונגען אויף די אַנגעקלאַגטע פּערזאָנען.

familiar'ity *n.* (פע-מיל-אי-ער'-אי-טי) פערטרויליכקייט, אינטימקייט; אונ-געצוואונגענהייט; אַ גענויע בעקאַנטשאַפט.

familiariza'tion *n.* (פע-מיל-יע-רי-זיי'-שאָן) דאָס ווערען פאַמיליאַר, דאָס זיין אינטים אָדער פערטרויליך.

famil'iarize *v.* (פע-מיל'-יע-ראַיז) גוט בעקאַנט אָדער פערטרויט מאַכען מיט עפּעס; זיך געוועהנען מיט עפּעס.

famil'iarly *adv.* (פע-מיל'-יער-לי) אויף אַן אינטימען אופן; ניט געצוואונ-גענערהייט; אָהן צערעמאָניעס, אָהן פאָר-מאַליטעטען.

famil'iarness *n.* (פע-מיל'-יער-נעס) ז. *familiarity*.

famil'iar spir'it (פע-מיל'-יער ספּיר'-איט) אַ גייסט, וועלכען מכשפים, ווי מען האָט געגלויבט, פלעגען אַרויפבריינגען פאַר זייערע צוועקען.

fam'ilism *n.* (פעמ'-אי-ליזם) די לעהרען פון די פאַמיליסטען [אַ קריסטליכע סעק-טע, וואָס האָט עקזיסטירט אין 16-טען יאָהרהונדערט, וועלכע האָט זיך גערופען *"Family of Love"*. דער גרונד-פּרינ-ציפּ פון דיזער סעקטע איז געווען, אַז ליעבע פון מענשען צום מענשען איז דער איינציגער יסוד פון רעליגיאָן].

Fam'ilist *n.* (פעמ'-אי-ליסט) אַ פאַמי-ליסט, אַן אַנהענגער פון דער פאַמיליסטי-שער סעקטע. ז. *familism*.

familis'tic *a.* (פעמ-אי-ליס'-טיק) וואָס איז שייך צו די פאַמיליסטען אָדער צו זייערע לעהרען. ז. *familism*.

familis'tical *a.* (פעמ-אי-ליס'-טי-קעל) ז. *familistic*.

fam'ily *n.* and *a.* (פעמ'-אי-לי) אַ פאַ-מיליע, אַ הויז-געזינד; אַ משפּחה; אַ גאַ-טונג, אַ גרופּע, אַ שטאַם; וואָס איז שייך צו אַ פאַמיליע.

fam'ily cir'cle (פעמ'-אי-לי סויר'קל) דער פאַמיליען-קרייז; די גאַליאַרקע אין טעאַטער.

fam'ily doc'tor (פעמ'-אי-לי דאָק'-טאָר) אַ פאַמיליען-דאָקטאָר.

fam'ily en'trance (פעמ'-אי-לי ענ'-טרענס) אַ בעזונדערער אַריינגאַנג אין פּריוואַטע צימער פון אַ ביער-הויז אָדער רעסטאָראַן.

fam'ily horse (פעמ'-אי-לי האָרס) אַ צוגעוועהנטער געלאַסענער פערד מיט וועלכען עס קענען פאָהרען פרויען און קינדער.

fam'ily man (פעמ'-אי-לי מען) אַ פאַ-מיליען-פאַטער, איינער וואָס פיהרט אַ פאַ-מיליען-לעבען.

fam'ily med'icine (פעמ'-אי-לי מעד'-אי-סין) אַ הויז-מיטעל.

fam'ily state (פעמ'-אי-לי סטייט) ז. *family way*.

fam'ily tie (פעמ'-אי-לי טאַי) פאַמי-ליען-באַנד.

fam'ily tree (פעמ'-אי-לי טריע) דער שטאַם-צעטעל, דער שטאַם-בוים.

fam'ily way (פעמ'-אי-לי וויי) שוואַנ-גערשאַפט.

fam'ine *n.* (פעמ'-אין) הונגער, הונגערס-נויט; מאַנגעל, נויט.

fam'ine pri'ces (פעמ'-אין פּראַי'-סעז) פּרייזען ווי אין אַ הונגער-יאָהר [זעהר הויכע פּרייזען].

fam'ish *v.* (פעמ'-איש) פערהונגערען, לאָזען פערהונגערען; ליידען הונגער; אויסגעהן פון הונגער.

Give me dinner. I am famished.

fa'mous *a.* (פיי'-מאָס) בעריהמט, בעֵ-וואוסט, בעקאַנט; אויסגעצייכענט, וואונ-דערבאַר.

fa'mously *adv.* (פיי'-מאָס-לי) מיט בעֵ-ריהמטהייט; אויסגעצייכענט; וואונדער-באַר.

The patient is getting along famously.

fa'mousness *n.* (פיי'-מאָס-נעס) בעֵ-ריהמטהייט.

fam'ulist *n.* (פעמ'-יו-ליסט) אַ דיענער אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט.

fan *n.* and *v.* (פען) אַ פאָכער; אַ וועהער; אַ ווענטילאַטאָר; איינער וואָס איז שטאַרק פערקאָכט אין אַטלעטישע שפּיע-לען [הויפּטזעכליך אין בייס-באָל]; פאָ-כען, וועהען; אָבקיהלען, ערפרישען, בלאָ-זען; אויפבלאָזען; בעווענען; אָבקיהלען מיט אַ קלאַפּ פון אַ פּאָליצייסקי שטעקען; ניט טרעפען מיט אַ קלאַפּ.

fanat'ic *a.* and *n.* (פע-נעט'-איק) פאַ-נאַטיש; אַ פאַנאַטיקער.

fanat'ical *a.* (פע-נעט'-אי-קעל) פאַ-נאַטיש.

fanat'ically *adv.* (פע-נעט'-אי-קעל-אי) אויף אַ פאַנאַטישען אופן.

fanat'icalness *n.* (פע-נעט'-אי-קעל-נעס) פאַנאַטיזם.

fanat'icism *n.* (פע-נעט'-אי-סיזם) פאַ-נאַטיזם.

fanat'icize *v.* (פע-נעט'-אי-סאַיז) מאַ-כען פאַנאַטיש; זיין אַ פאַנאַטיקער.

fan'atism *n.* (פענ'-ע-טיזם) ז. *fanaticism*

fan'-blast *n.* (פענ'-בלעסט) דער שטראם לופט וואס ווערט געטריבען פון ווענטי־לאטאר ביים פאבריצירען אייזען.

fan'cied *a.* (פענ'-סיד) איינגעבילדעט.

fan'cier *n.* (פענ'-סי-ער) איינער וועל־כער גיט זיך אב מיט האדעווען חיות אדער פויגעל; א פויגעל אדער חיות־הענדלער; א ליעבהאבער אדער זאמלער פון ספעציעלע ארטיקלען; א טרוימער.

fan'ciful *a.* (פענ'-סי-פול) פאנטאסטיש; זעלטזאם; איינגעבילדעט; וואונדערליך, זאנדערבאר.

fan'cifully *adv.* (פענ'-סי-פול-אי) אויף א פאנטאסטישען אופן; אויף א זעלטזאמען אדער זאנדערבארען אופן.

fan'cifulness *n.* (פענ'-סי-פול נעס) דאס זיין פאנטאסטיש; וואונדערליכקייט; זאנדערבארקייט.

fan'ciless *a.* (פענ'-סי-לעס) אהן איינ־בילדונגסקראפט; אהן פאנטאזיע.

fan'-crick'et *n.* (פענ'-קריק'-עט) א מוילוואורף־גריל. ז. *mole-cricket*

fan'cy *n., a. and v.* (פענ'-סי) איינביל־דונגס־קראפט, פאנטאזיע; איינבילדונג; א געדאנק, אן אידעע, א פארשטעלונג; א פערלאנג, א קאפריז; א נייגונג, א לוסט צו עפעס; איינגעבילדעט, פאנטאס־טיש; פייז, שעהן, עלעגאנט, מאדיש; אויסגעלאסען, אונמאראליש; זיך איינביל־דען, פאנטאזירען; פארשטעלען, דענקען, מיינען.

fan'cy ar'ticles (פענ'-סי אר'-טיקלז) מאדען־וואארען, גאלאנטעריי־סחורות.

fan'cy-ba'ker *n.* (פענ'-סי-ביי'-קער) א קאנדיטאר, א קוכען־בעקער.

fan'cy bazaar' (פענ'-סי בע-זאר') ז. *fancy fair*

fan'cy-box *n.* (פענ'-סי-באקס) א שעהן אויסגעארבייט קארטאן־קעסטעל.

fan'cy-col'ors *n.* (פענ'-סי-קאל'-ארז) בונטע, רייכע קאלירען.

fan'cy dress'-ball (פענ'-סי-דרעס'-באהל) א קאסטיומירטער באל.

fan'cy fair (פענ'-סי פעהר) א צדקה־באזאר [אן אויסשטעלונג און פערקויף פון מאדע פרויען־ארבייט, וואו די פער־קויפערין טראגט אפט א מאסקען־קאס־טיום].

fan'cy-framed *a.* (פענ'-סי-פריימד) איינגעבילדעט.

fan'cy-free *a.* (פענ'-סי-פריע) פריי פון ליעבע; ביי וועמען דאס הארץ איז קיי־נעם ניט אבגעגעבען.

fan'cy goods (פענ'-סי גודז) ז. *fancy articles*

fan'cy hard'ware (פענ'-סי הארד'-ווערה) פיינע אייזען־סחורות.

fan'cy-line *n.* (פענ'-סי-לאין) א מין דינע שטריק אויפצוציהען די זעגעל פון א שיף.

fan'cy-man *n.* (פענ'-סי-מען) אן אלי־פאנס, א קארעט, א צוהאלטער, א סוטע־נער [א געליעבטער פון א פראסטיטוטקע, וועלכער לעבט אויף איהר רעכנונג].

fan'cy-mon'ger *n.* (פענ'-סי-מאנ'-גער) א מענש פון איינבילדונגען; א פאנ־טאזיאר.

fan'cy sale (פענ'-סי סייל) ז. *fancy fair*

fan'cy shop (פענ'-סי שאפ) א גאַ־לאנטעריי־מאגאזין.

fan'cy-sick *a.* (פענ'-סי-סיק) ליעבעס־קראנק, חולת אהבה; מטורפ'דיג.

fan'cy soaps (פענ'-סי סאופס) טואַ־לעט־זייפען.

fan'cy sta'tionery (פענ'-סי סטיי'-שאנ-ע-רי) לוקסוס־פאפיער, לוקסוס־שרייב־מאטעריאלען.

fan'cy-stuff *n.* (פענ'-סי-סטאף) צייג וואס איז אויסגעוועבט מיט פיגורען.

fan'cy trade (פענ'-סי טרייד) דער האנדעל מיט מאדע־סחורות.

fan'cy-twill *n.* (פענ'-סי-טהוויל) פיקעע [א געוויסער זארט צייג].

fan'cy-wea'ving *n.* (פענ'-סי-הוויע'-ווינג) מוסטער־וועבעריי, דאס וועבען מיט פיגורען.

fan'cy-work *n.* (פענ'-סי-הוואירק) פיי־נע האנד־ארבייט.

fan'cy-yarn *n.* (פענ'-סי-יארן) גארען [אזא פאדים] צו שטריקען.

F. and A. M. אבקירצונג פון די ווער־טער *Free and Accepted Masons* די פריי־מויערער. ז. *freemason*

fandan'go *n.* (פענ-דענ'-גאו) די פאנ־דאנגא, א מין שפאנישער טאנץ; די מו־זיק אדער דער ריטמוס פון דיעזען טאנץ.

fane *n.* (פיין) א טעמפעל; דאס היי־ליגטום.

fan'fare *n.* (פענ'-פעהר) די פאנפארע, דאס שאלען פון טרומייטען; א פאראד; א שעהנער בונד פון א בוך.

fanfaronade' *v. and n.* (פענ-פער-א-נייד') טומלען וועגען זיך; מאכען א פוסטען אנשטעל; גדל'ענען זיך, בעריה־מען זיך; א פוסטער אנשטעל; בעריה־מריי; דאס טומלען וועגען זיך.

fang *n.* (פענג) א זאך, מיט וואס מען פערהאַפט אדער פערהאלט; א שפיציגער פאנג־צאהן; א קלעשנע [ווי ביי א ראק]; א נאגעל; א קרוק, מיט וועלכען מען פער־טשעפעט עפעס; א צאהן־ווארצעל.

fanged *a.* (פענגד) וואס האט פאנג־צייהנער אדער נעגעל.

fang'less *a.* (פענג'-לעס) אהן צייהנער; אהן נעגעל.

fan'ion *n.* (פענ'-יאן) א קליינע מיליטע־רישע פאהן.

fan'-light *n.* (פענ'-לאיט) א פענסטער איבער דער טהיר.

fan'-light shut'ter (פענ'-לאיט שאט'-ער) א לאדען פון א האלב־רונדען פענ־סטער.

fan'like *a.* (פענ'-לאיק) ווי א פעכער, פעכער־פערמיג.

fan mo'tor (פען מאו'-טאר) דער מאטאר פון א ווענטילאטאר.

fan'nel *n.* (פענ'-על) אן ארם־באנד וואס א דיאקאן אדער גלח טראגט ביים געבעט.

fan'ner *n.* (פענ'-ער) איינער וואס פאכט; איינער וואס ווייהעט קארן.

fan'ning-mill *n.* (פענ'-אינג-מיל) א מאשין צו ווייהען קארן.

fan'on *n.* (פענ'-אן) ז. *fannel*

fan'-palm *n.* (פענ'-פאהם) די פעכער־פאלמע [א פאלמען־בוים, ביי וועלכען די בלעטער זיינען ווי א פעכער].

fan'-shaped *a.* (פענ'-שייפט) אין דער פארם פון א פעכער.

fan'-shaped win'dow (פענ'-שייפט הווינ'-דאו) א פענסטער אין דער פארם פון א פעכער.

fan'-stick *n.* (פענ'-סטיק) דאס פעכער־שטעקעל.

fan'tail *n.* (פענ'-טייל) א פויגעל, ביי וועלכען דער עק שפרייט זיך פאנאנדער ווי א פעכער.

Fantail

fan'tail bur'ner (פענ'-טייל בויר'-נער) א פעכער־ברענער [דער ברענער אויף א גאז־לאמפ, וואס מאכט דאס פייער ברייט].

fan'-tailed *a.* (פענ'-טיילד) וואס האט אן עק ווי א פעכער.

fan'-tailed pig'eon (פענ'-טיילד פידזש'-אן) די פעען־טויבען [א געווי־סער מין טויבען].

fantasi'a *n.* (פענ-טע-זי'-ע) א מוזיקא־לישע קאמפאזיציאן אדער פערפאסונג וועלכע איז פריי פון די אנגענומענע פאר־מען און סטיל.

fan'tasied *a.* (פענ'-טע-סיד) פול מיט פאנטאזיעס אדער איינבילדונגען; קאפריז־נע.

fan'tast *n.* (פענ'-טעסט) א פאנטאסט, א טרוימער; איינער וועלכער טראגט זיך ארום מיט פאנטאסטישע אידעען.

fantas'tic *a.* (פענ-טעס'-טיק) פאנטאס־טיש, איינגעבילדעט; וואונדערליך, זאנ־דערבאר; ניט ווירקליך.

fantas'tical *a.* (פענ-טעס'-טי-קעל) ז. *fantastic*

fantas'ticality *n.* (פענ-טעס'-טי-קעל-אי-טי) ז. *fantasticalness*

fantas'tically *adv.* (פענ-טעס'-טי-קעל-אי) אויף א פאנטאסטישען אדער קאפריזנעם שטייגער.

fantas'ticalness *n.* (פענ-טעס'-טי-קעל-נעס) דאס זיין פאנטאסטיש אדער משונה'דיג; מאדנעקייט; קאפריזנעקייט.

fan'tasy *n. and v.* (פענ'-טע-סי) פאנ־טאזיע, חלומות, קאפריז; א פאנטאסטישע אדער משונה'דיגע פארשטעלונג; אין מו־זיק — א פאנטאזיע אדער א קאמפאזי־ציאן וואס איז פריי פון די אנגענומענע פארמען און סטיל; פאנטאזירען; האבען משונה'דיגע פארשטעלונגען וועגען עפעס; אין מוזיק — פערפאסען אדער שפיעלען א פאנטאזיע.

fanteeg' *n.* (פענ-טיעג') דאס פייניגען; א שלעכטע לוינע; פערלעגענהייט.

fantocci'ni *n.* (פענ-טא-טשי'-ני) קוק־לעס, וואס בעוועגען זיך דורך דראט אדער שטריקלעך, פאר וועלכע מען ציהט זיי; א טעאטער־פארשטעלונג מיט אזעלכע קוק־לעס.

fan'tom *n.* (פענ'-טאם) א פאנטאם, א פאנטאסטישע ערשיינונג, א פארשטע־לונג וועגען א זאך, וואס איז אין דער ווירקליכקייט ניטא.

fan'-tra'cery *n.* (פענ'-טריי'-סע-רי) אין די גאטישע געביידען פון מיטעלאל־טער — די אויסגעשניצטע בעציערונגען

פון שטיין וועלכע פערשפרייטען זיך אי=
בער דעם האלב=קיילעכדיגען באלקען אין
דער פארם פון א פעכער.

Fan-tracery

fan′-tra′cery vaul′ting (פענ׳-טריי׳-
סע-רי וואהל׳-טינג) דער געוועלב=געבוי
אין דער פארם פון א פעכער.

fan′-winged *a.* (פענ׳-הווינגד) וואס
האט פליגלען ווי פעכערס.

faquir′ *n.* (פע-קיר׳) ז. *fakir*

far *adv. and a.* (פאר) ווייט, פון דער
ווייטענס, דערווייטערט, צום גרעסטען
טייל, אין א הויכען גראד, וואס איז וויי=
טער [וועגען איינער פון צוויי זאכען].

far′ad *n.* (פער׳-עד) א פאראד, אן
עלעקטרא=מאגנעטישע איינהייט צו מעס=
טען עלעקטרישע קאפאציטעט [ענטהאלט]
פון א קאנדענזאטאר [די גרויס פון דער
איינהייט בעשטעהט פון איין קאלומב
עלעקטרישע לאדונג וואס האט איין וואלט
שפאנונג. דיעזע עלעקטרישע איינהייט
טראגט דעם נאמען פון בעריהמטען ענג=
לישען פיזיקער פאראדיי].

Farada′ic *a.* (פער-ע-דיי׳-איק) וואס
איז שייך צו דעם בעריהמטען ענגלישען
פיזיקער פאראדיי [געבארען אין 1791,
געשטארבען אין 1867].

farad′ic *a.* (פע-רעד׳-איק) וואס איז
שייך צו אינדוצירטע עלעקטרישע שטרא=
מען, וועלכע ווערען פראדוצירט פון אן
עלעקטרישער מאשין; וואס איז שייך צו
דער פאראדייאישער אינדוקציאנס=מאשין
[אן עלעקטרישע מאשין, וואס ווערט איצט
בענוצט מייסטענס פאר מעדיצינישע
צוועקען].

far′adism *n.* (פער׳-ע-דיזם) עלעקטרי=
ציטעט וואס ווערט ערהאלטען פון א פא=
ראדייאישער עלעקטרישער מאשין, אינ=
דוצירטע עלעקטרישע שטראמען.

faradiza′tion *n.* (פער-ע-די-זיי׳-שאן)
די היילונג פון א נערוו אדער מוסקעל
דורך א פאראדייאישען שטראם [אינ=
דוקציאנס=שטראם].

far and wide (פאר ענד הוואיד) ווייט
און ברייט.

far astern′ (פאר ע-סטוירן׳) ווייט פון
הינטען, ווייט הינטערשטעליג.

far′-away′ *a.* (פאר׳-ע-הוויי׳) ווייט,
ווייט אוועק; צערשטרייט, צוטראגען.

far′-between′ *a.* (פאר׳-בי-טהוויען׳)
ווייט פאנאנדערגעטיילט, אבגעזונדערט
[וועגען מענשען].

farce *n. and v.* (פארס) א פארס; א
דראמאטיש=קאמיש ווערק מיט ווילדע אי=
בערטרייבונגען; איין=אקטיגע אפערא מיט
אן איבערטריבען=קאמישען אדער ווילדען
און אויסערגעוועהנליכען אינהאלט; א וויל=
דער אדער נארישער שפאס; א נארישער
אדער לעכערליכער פאראד; אנפילען, אנ=
שטאפען [וועגען שפייזען]; פערפעפערען
מיט וויציגע בעמערקונגען א רעדע אדער
א שריפט.

far′cical *a.* (פאר׳-סי-קעל) וואס איז
שייך אדער עהנליך צו א פארס; לעכער=
ליך, שפאסהאפט, אבסורד, ווילד=איבער=
טריבען. ז. *farce*

farcical′ity *n.* (פאר-סי-קעל׳-אי-טי)
דאס האבען דעם כאראקטער פון א פארס;
דאס זיין אבסורד, נאריש אדער לעכער=
ליך. ז. *farce*

far′cically *adv.* (פאר׳-סי-קעל-אי)
אויף׳ן אופן פון א פארס; אויף א נארי=
שען אדער לעכערליכען אופן. ז. *farce*

far cry (פאר קראי) א גרויסער אונ=
טערשיעד, א גרויסע שטרעקע, א לאנגער
וועג.

far′cy *n.* (פאר׳-סי) די ווארים=קראנק=
הייט [א מין פערד=קראנקהייט].

far′dingale *n.* (פאר׳-דינ-גייל)
ז. *farthingale*

far′ding-bag *n.* (פאר׳-דינג-בעג) דער
בלעטער=מאגען אדער מעלה=גרה=מאגען
[דער ערשטער מאגען ביי חיות וואס זיי=
נען מעלה=גרה. אין דעם מאגען ליעגט די
שפייז ביז זי קומט צוריק ארויף אין
מויל, אום איבערגעקייעט צו ווערען].

fare *v. and n.* (פעהר) זיך בעפינדען
[בנוגע צום געזונד אדער אומשטענדען];
געניסען [פון שפייז און געטראנק]; פא=
סירען, טרעפען, אויסקומען, ארויסקומען
[אלס פאלגע אדער רעזולטאט]; פאהר=
געלד; מענשען וואס ווערען געפיהרט אין
א וואגען; טומעל, גערודער; די לאדונג
פון פיש אויף א פישער=שיף; דער שפור
אדער די פארם פון א האז.

fare′-box *n.* (פעהר׳-באקס) קעסטעל
אויף די סטאציאנען פון אייזענבאהנען
און טראמוואיען [וואגאנען פון גאסען=
באהנען] א. ד. ג., וואו מען ווארפט
אריין די בילעטען.

fare′-in′dicator *n.* (פעהר׳-אינ׳-די-
קיי-טאר) א פארריכטונג [ווי אין גא=
סען=באהנען] צו פערצייכנען אויטאמא=
טיש דאס איינגעצאהלטע פאהר=געלד.

fare′well *n., a. and int.* (פעהר׳-הוועל)
א זיי=געזונד, א געזעגנען=זיך; אבשיעד;
לעצטער קוק, געדאנק אדער אויפמערק=
זאמקייט; וואס קומט פאר ביים אבשיעד,
וואס קומט פאר צום לעצטען מאל; לעב
וואהל! זיי געזונד!

fare′-wick′et *n.* (פעהר׳-הוויק׳-עט)
א טהירעל [ביים אריינגאנג צו אייזענ=
באהנען] וואס דרעהט זיך און פערציי=
כענט אויטאמאטיש די צאהל פאסאזשי=
רען וואס זיינען דורכגעגאנגען; אן עפע=
נונג אין דער טהיר פון א טראמוואי,
דורך וועלכער מען קאלעקטירט דאס
פאהר=געלד.

far′-fetched *a.* (פאר׳-פעטשט) גע=
בראכט פון ווייט; שוואך פערבונדען, גע=
צוואונגען, אנגעצויגען.

far-gone′ *a.* (פאר-גאהן׳) וואס איז ווייט
אוועק; שטארק אנגע׳שכור׳ט.

far-gone′ in years (פאר-גאהן׳ אין
יירז) בעיאהרענט.

far′in *n.* (פאר׳-אין) ז. *farina*

fari′na *n.* (פע-רי׳-נא) מאנע, מאנע=
גרייפלעך, מאנע=גריץ; מעהל; מעהל פון
פערשיעדענע פלאנצען און ווארצלען;
אין באטאניק — בלומען=שטויב; אין ענ=
טאמאלאגיע — א מעהליגער שטויב אויף
אינזעקטען.

fari′na-boi′ler *n.* (פע-רי׳-נא-באי׳-
לער) אזא געשיר צו קאכען מעהליגע
שטאפען אדער בכלל זאכען, וואס ווערען
לייכט צוגעברענט.

farina′ceous *a.* (פער-אי-ניי׳-שיאס)
מעהליג, עהנליך צו מעהל; געמאכט פון
מעהל; בעדעקט מיט מעהל; וואס ענט=
האלט קראכמאל.

farina′ceously *adv.* (פער-אי-ניי׳-
שיאס-לי) מיט מעהל אדער מאנע=גרייפ=
לעך.

far′inose *a.* (פער׳-אי-נאוס) וואס ענט=
האלט אין זיך מעהל; מעהליג; וואס איז
בעדעקט מיט א מעהל=עהנליכען שטויב
[וועגען אינזעקטען].

far′inosely *adv.* (פער׳-אי-נאוס-לי)
ווי מעהל, ווי בעדעקט מיט מעהל, מעה=
ליג.

farin′ulent *a.* (פע-רינ׳-יו-לענט) וואס
איז בעדעקט מיט א מעהל=עהנליכען שטויב
[וועגען אינזעקטען].

farm *n. and v.* (פארם) א פערמע, א
לאנד=גוט, א פאכט=גוט; פאכט, ארענדע;
פאכט=געלד, ארענדע=געלד; איינקינפטע;
פערדינגען, אבגעבען אין ארענדע, איבער=
געבען אין ארענדע רעגיערונגס=שטייערען;
נעהמען אין ארענדע; בעארבייטען לאנד.

far′mable *a.* (פאר׳-מעבל) וואס קען
פערדונגען ווערען אדער אוועקגעגעבען
ווערען אין ארענדע; וואס קען בעאר=
בייט ווערען [וועגען לאנד].

farm′-bai′liff *n.* (פארמ׳-ביי׳-ליף)
א פערוואלטער פון א לאנד=גוט.

farm′-buil′ding *n.* (פארמ׳-ביל׳-דינג)
א געביידע אויף א לאנד=גוט פאר דעם
נעברויך פון דער ווירטשאפט.

farm′-dog *n.* (פארמ׳-דאג) א הויף=
הונד.

far′mer *n.* (פאר׳-מער) א פערמער, אן
ערד=ארבייטער, א דארפסמאן, א פויער,
א פאכטער, אן ארענדאטאר, א לאנד=
אייגענטימער; איינער וואס האלט אין
ארענדע רעגיערונגס=שטייערען; אין ענג=
לאנד — דער אייגענטימער פון קויהלען=
גרובען, איינער וואס האלט אין ארענדע
רעגיערונגס=קויהלען=גרובען אדער דער
עלטסטער זוהן פון א לאנד=אייגענטימער
אדער רעגיערונגס=ארענדאטאר [אטקופ=
שטשיק].

far′mer-gen′eral *n.* (פאר׳-מער-
דזשענ׳-ע-רעל) דער גענעראל=פאכטער [א
מיטגליעד פון א פריווילעגירטען קלאס
אין פראנקרייך פאר דער רעוואלוציאן פון
1789. דיעזער קלאס האט געהאלטען אין
ארענדע (אטקופ) די נאציאנאלע הכנסות
און האט אויף׳ן אויסערסטען אופן בערא=
בעוועט דאס פאלק].

far′merlike *a.* (פאר׳-מער-לאיק) פוי=
עריש.

far′mership *n.* (פאר׳-מער-שיפ) דאס
זיין א פערמער אדער לאנד=ארבייטער,
דאס פיהרען א לאנד=ווירטשאפט.

far′mery *n.* (פאר׳-מע-רי) די פערמע
בעל=הבתישקייט [די געביידעס, ערד=
ארבייט=געצייג, בהמות א. ד. ג.].

farm′-hand *n.* (פארמ׳-הענד) אן אר=
בייטער אויף א פערמע, א געדונגענער
ערד=ארבייטער.

farm′-house *n.* (פארמ׳-האוס) די
וואהנונג אויף א פערמע אדער לאנד=גוט.

far′ming *n. and a.* (פאר׳-מינג) לאנד=
ארבייט; אקער=בוי; ארענדע אדער אט=

קופ פון רעגיערונגס-שטייערן; וואס איז שייך צו א פערמע אדער ערד-ארבייט.

far'ming-im'plements *n.* (פאר'-מינג-אימ'-פלי-מענטס) די אינסטרומענטען און מאשינען וואס ווערען געברויכט אין לאנד-ווירטשאפט.

far'ming-school *n.* (פאר'-מינג-סקוהל) אן אגריקולטור-שוהלע [וואו מען לערענט לאנדווירטשאפט].

far'most *a.* (פאר'-מאוסט) וואס איז אם ווייטסטען.

farm'-place *n.* (פארמ'-פליים) א פערמע; די געביידעס אויף א לאנד-גוט.

farm'-prod'ucts *n.* (פארמ'-פראד'-אקטס) פערמע-פראדוקטען, דארף-פראדוקטען [ווי תבואה, גרינס, פוטער, אייער א. ד. ג.].

farm'stead *n.* (פארמ'-סטעד) די געביידעס אויף א לאנד-גוט.

farm'-vil'lage *n.* (פארמ'-וויל'-עדזש) א דארף, וואו מען בעשעפטיגט זיך הויפטזעכליך מיט לאנדווירטשאפט.

farm'-yard *n.* (פארמ'-יארד) דער הויף פון פערמע, דער פיה-הויף.

far'ness *n.* (פאר'-נעס) ווייטקייט.

fa'ro *n.* (פיי'-ראו) פארא אדער פרעה [א קארטען-שפיעל וואס בעשטעהט אין דעם וואס מען דארף טרעפען די קארט, וועלכע קומט אין דער רייה. דאס שפיעל ווערט גערופען פרעה, ווייל, ווי עס ווערט בעהויפטעט, איז אין די אלטע צייטען אויף איינער פון די קארטען געווען די פיגור פון אן עגיפטישען קעניג].

fa'ro-bank *n.* (פיי'-ראו-בענק) א פארא-באנק [דער פלאץ, וואו מען שפיעלט פארא אדער פרעה; די קאסע פון דעם אייגענטימער פון אזא פלאץ, וועלכער איז דער קארטען-טיילער און דער באנקיר ביי דיעזען קארטען-שפיעל]. ז. *faro*

far'-off *a.* (פאר'-אף) ווייט, ענטפערנט, דערווייטערט.

far oth'erwise (פאר אטה'-ער-הוואיז) גאנץ אנדערש, זעהר פערשיעדען.

far'-pier'cing *a.* (פאר'-פיער'-סינג) דורכדרינגענד.

farra'go *n.* (פע-ריי'-גאו) א געמיש, א צוזאמענגעמישטע מאסע.

far'-rea'ching *a.* (פאר'-ריע'-טשינג) וואס דערגרייכט ווייט.

farred *a.* (פארד) קאפוט, אוועק אין כף הקלע.

far'-resoun'ding *a.* (פאר'-רי-סאונ'-דינג) וואס קלינגט אב ווייט.

far'rier *n.* (פער'-אי-ער) אן אייזען-ארבייטער; א שמיעד; א פערד-שמיעד, וועלכער איז אויך א קאנאוואל אדער פערד-דאקטאר.

far'rieries *n.* (פער'-אי-ער-איז) א שמיעד-הויז, א קוזניע, א פלאץ פון א קאנאוואל אדער פערד-דאקטאר.

far'riery *n.* (פער'-אי-ער-אי) די מלאכה פון שמיעדען פערד; פערד-דאקטאריע.

far'row *n., v. and a.* (פער'-או) א קליין חזיר'ל; דער ווארף אדער די צאהל חזירים'לעך וואס ווערען געבארען מיט איין מאל; האבען חזירים'לעך; אונפרוכטבאר, יאלאווע [ווענען א בהמה וואס קעלבט זיך ניט].

far'-see'ing *a.* (פאר'-סיע'-אינג) וואס האט א ווייטע ראיה אדער א ווייטען בליק צו זעהן פאראויס וואס עס קען פאסירען.

far'-shoo'ting *a.* (פאר'-שוה'-טינג) ווייט-שיסענד.

far'-sigh'ted *a.* (פאר'-סאי'-טעד) ווייטזיכטיג, וואס קען זעהן בעסער פון דער ווייטען; וואס זעהט פאראויס.

far'-sigh'tedly *adv.* (פאר'-סאי'-טעד-לי) מיט א פארזיכטיגען בעטראכטען.

far'-sigh'tedness *n.* (פאר'-סאי'-טעד-נעס) ווייטזיכטיגקייט.

far'-sought *a.* (פאר'-סאהט) ווייט געזוכט.

far'-stretched *a.* (פאר'-סטרעטשט) ווייט פערשפרייט.

fart *n. and v.* (פארט) א פארץ; פארצען.

fart'-catch'er *n.* (פארט'-קעטש'-ער) דער פארץ-כאפער [א משרת אדער לאקיי וואס געהט הינטער'ן פריץ].

far'ther *a. and adv.* (פאר'-טהער) ווייטער; אויך, אויסערדעם.

far'thermost *a.* (פאר'-טהער-מאוסט) וואס איז אם ווייטסטען.

far'thest *a. and adv.* (פאר'-טהעסט) וואס איז אם ווייטסטען אדער אם העכסטען; אם ווייטסטען.

far'thing *n.* (פאר'-טהינג) א פארדינג [אן ענגלישע קופערנע מטבע]; א גראשען, א העלער.

far'thingale *n.* (פאר'-טהינ-גייל) א קרינאלינע [א קלייד אויף רייפען, וועלכע פרויען פלעגען טראגען אין 16-טען און 17-טען יאהרהונדערט].

fas'ces *n.* (פעס'-איס) די פאסצעס אדער ליקטאר-ריטער [א האק צונויפגעבונדען מיט א פעקעל ריטער, וועלכע מען פלעגט אין דער אלטער רוימישער מלוכה טראגען פאר די קאנסולען און די העכסטע ריכטער אלס צייכען, אז זיי האבען די מאכט צו בעשטראפען מיט מלקות און מיט'ן טויט. די, וועלכע פלעגען טראגען דיעזע האק מיט ריטער, האבען זיך גערופען ליקטארען].

fas'cia *n.* (פעש'-אי-א) אין אנאטאמיע — דאס קאסקע-הייטעל, וואס בעדעקט א מוסקול; אין כירורגיע — א באנדאזש [ביי אן אפעראציע]; אין ארכיטעקטור — א שטרייף [א ברייטער האלברונדער קארניז וואס גארטעלט ארום דעם אויבערשטען טייל פון א זייל]; אין אסטראנאמיע — דער העלער פאס וואס רינגעלט ארום א פלאנעט; אין מוזיק — די זייטען פון א פיעדעל.

fas'cial *a.* (פעש'-אי-על) וואס איז שייך צו די ליקטאר-ריטער; וואס איז שייך צו א באנדאזש. ז. *fascia*

fas'ciated *a.* (פעש'-אי-איי-טעד) פערבונדען; געשטרייפט, מיט פאסען.

fascia'tion *n.* (פעש-אי-איי'-שאן) א באנדאזש, אן ארומבינדונג [ביי אן אפעראציע].

fas'cicle *n.* (פעס'-איקל) א קונטרס, א העפט, א דין ביכעל; א בינטעלע בלומען אויף א פלאנצע.

fas'cicled *a.* (פעס'-איקלד) ז. *fasciculate*

fascic'ular *a.* (פע-סיק'-יו-לאר) ז. *fasciculate*

fascic'ularly *adv.* (פע-סיק'-יו-לאר-לי) ז. *fasciculately*

fascic'ulate *a.* (פע-סיק'-יו-לייט) צוזאמענגעבונדען אדער צונויפגעוואקסען אין א בינטעל [ווענען בליטהען אדער בלומען אויף א פלאנצע].

fascic'ulated *a.* (פע-סיק'-יו-ליי-טעד) בינטעל-פערמיג.

fascic'ulately *adv.* (פע-סיק'-יו-לייט-לי) אויף'ן אופן פון א צונויפגעוואקסענעם אדער צונויפגעבונדענעם בינטעל.

fas'cicule *n.* (פעס'-אי-קיול) א בינטעל בלומען; א בינטעל האר.

fas'cinate *v.* (פעס'-אי-נייט) פערבלענדען; בעצויבערען; האבען א שטארקען איינפלוס אויף איינעם.

fas'cinating *a.* (פעס'-אי-ניי-טינג) בעצויבערענד, פערבלענדענד.

fas'cinatingly *adv.* (פעס'-אי-ניי-טינג-לי) אויף א בעצויבערענדען, פערבלענדענדען שטייגער.

fascina'tion *n.* (פעס-אי-ניי'-שאן) די פערבלענדונג; די בעצויבערונג; א שטארקע צוציהונגס-קראפט; דאס געפינען זיך אונטער א שטארקען איינפלוס; דאס זיין בעצויבערט.

fas'cinator *n.* (פעס'-אי-ניי-טאר) א בעצויבערער; איינער אדער עפעס וואס ציהט צו זיך שטארק צו.

fascine' *n. and v.* (פע-סין') אין פעסטונגס-ווערק — א בינטעל ריטער אדער שטעקענס וועלכע ווערען בענוצט פאר פעסטונגס-ארבייט; ארומלעגען [א וואנד אדער א פעסטונג] מיט בינטלעך ריטער.



Fascines

fascine'-dwell'ing *n.* (פע-סינ'-דהוועל'-אינג) איינע פון די הייזלעך, וועלכע געוויסע ווילדע פעלקער פון די אור-אלטע צייטען פלעגען בויען אין מיטען אן אזערע אדער זומפ. אין וואסער פלעגט מען לעגען איינע אויף די אנדערע בינטלעך ריטער אדער שטעקענס ביז עס פלעגט זיך אויסבילדען א פלאטפארם איבער'ן וואסער, אויף דיעזער פלאטפארם פלעגען זיי בויען הייזלעך.

fash'ion *n. and v.* (פעש'-אן) פאסאן, מאדע; געשטאלט, שניט; ארט, וויזע; אריסטאקראטיע; פארמען, בילדען, מאכען; אנפאסען, צופאסען.

fash'ionable *a. and n.* (פעש'-אנ-עבל) מאדיש, פראנטיש; אריסטאקראטיש; עלעגאנט; אן אריסטאקראט.

fash'ionableness *n.* (פעש'-אנ-עבל-נעס) דאס מאדישע אויסזעהן, פראנטישקייט; עלעגאנטקייט; אריסטאקראטיזם.

fash'ionable resort' (פעש'-אנ-עבל רי-זארט') אן עלעגאנטער פלאץ [וואו עס קומט זיך צונויף א פיינערע, רייכערע געזעלשאפט].

fash'ionably *adv.* (פעש'-אנ-ע-בלי) מאדיש, פראנטיש, עלעגאנט, מעשה אריסטאקראט.

fash'ioner *n.* (פעש'-אנ-ער) א צושניידער, צומעסטער אדער צופאסער [פון קליידער]; א מאדיסט.

fash'ionless *a.* (פעש'-אנ-לעס) ניט-מאדיש, אהן א פאסאן, אהן סטיל.

fash'ion-mon'ger *n.* (פעש'-אנ-מאנ'-גער) א פראנט; איינער וואס האלט נאך די מאדע.

fash'ion-mon'gering *n.* (פעש'-אנ-מאנ'-גער-אינג) דאס האלטען זיך שטרענג אן דער מאדע.

fash'ion-mon'ging *n.* (פעש'-אנ-מאנ'-גינג) ז. *fashion-mongering*

fash'ion-plate *n.* (פעש'-אנ-פלייט) א פאפיער אדער פלאטע, אויף וועלכער עס

זיינען אויסגעמאלט קליידער פון לעצטען פאסאן.

fast *a., adv., n. and v.* (פעסט) פעסט, שטארק, אונבעוועגליך, בעפעסטיגט; איבערגעבען; אונפערענדערליך [אין טרייהייט אדער איבערגעבענהייט], טריי; דויערהאפט, בעשטענדיג; שנעל; פיהרענדיג א צערשטרייט לעבען, יאגענדיג זיך נאך פערגניגענס; הולטאיאיש, אויסגעלאסען; מיט פעסטקייט; אויף א בעפעסטיגטען, פעסטען אדער אונבעוועגליכען אופן; טיעף; נאהענט; מיט שנעלקייט; עטוואס וואס בעפעסטיגט אדער האלט צו; א שטריק, מיט וועלכען א שיף איז צוגעבונדען; דאס אונבעוועגליכע אייז ביים ברעג; דאס פאסטען, א תענית; פאסטען.

fast and fu'riously (פעסט ענד פיו'-רי-אס-לי) מיט א ווילדער שנעלקייט.

fast and loose (פעסט ענד לוהס) אזא שווינדלער־שפיעל, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס מען דארף פערהאלטען א צונויפגעדרעהט רימענדעל אדער שטריקעל, עס זאל זיך ניט אויפדרעהן [ווערט מעהרסטענטהייל פראקטיצירט פון שווינדלער צווישען פויערים אויף ירידען]; ניט געזעצט, פערענדערליך, פאלש, וואס מען קען זיך דארויף ניט פערלאזען.

fast bind, fast find (פעסט באינד, פעסט פאינד) אז מען לעגט אוועק אויף אן ארט, געפינט מען אויף אן ארט.

fast boat (פעסט באוט) ביי וואלפיש־פאנג — א שיפעל, אן וועלכען עס איז בעפעסטיגט דער שטריק פון דעם הארפון, וועלכער ווערט געווארפען אין דעם וואלפיש.

fast col'ors (פעסט קאל'-ארז) ניט בלאקירענדע קאלירען, קאלירען וואס געהען ניט אב.

fast'-day *n.* (פעסט'-דיי) א פאסט־טאג, א תענית.

fas'ten *v.* (פעסן) בעפעסטיגען, פעסט צוזאמענשלאגען, פעראייניגען אדער צוזאמענהאלטען; מאכען פעסט, פעסטשטעלען; פעסט אנהאלטען, זיך אנזעצען.

fas'tener *n.* (פעס'-נער) איינער אדער עטוואס וואס בעפעסטיגט, פערבינדט אדער האלט צוזאמען.

fas'tening *n.* (פעס'-נינג) עטוואס וואס פעראייניגט, בינדט צונויף אדער האלט צוזאמען [ווי א קייט, א האקען, א שטריק, א ריגעל א. ד. ג.].

fas'tening-bar *n.* (פעס'-נינג-באר) א ריגעל.

fas'ten on the mind (פעסן אן טהי מאינד) איינקריצען אין זכרון.

fas'ter *n.* (פעס'-טער) א פאסטער, איינער וואס פאסט.

fast fel'low (פעסט פעל'-או) א הולטאי, א שארלאטאן.

fast freight (פעסט פרייט) פראכט אדער געקויפטע סחורות וואס מען ליעפערט באלד.

fast friends (פעסט פרענדז) אינטימע, נאהענטע, איבערגעבענע פריינד.

fast'-go'er *n.* (פעסט'-גאו'-ער) א שנעלזעגלער, א שנעלע זעגעל־שיף.

fast'-han'ded *a.* (פעסט'-הענ'-דעד) גייציג, קארג.

fastid'ious *a.* (פעס-טיד'-אי-אס) איבערקלייבעריש; וואס איז שווער צופריעדען צו שטעלען.

fastid'iously *adv.* (פעס-טיד'-אי-אס-לי) אויף אן איבערקלייבערישען אופן; אזוי אז עס איז שווער צופריעדען צו שטעלען.

fastid'iousness *n.* (פעס-טיד'-אי-אס-נעס) דאס זיין איבערקלייבעריש, דאס זיין שווער צופריעדען צו שטעלען.

fastig'iate *a.* (פעס-טידזש'-אי-אייט) פערשפיצט, מיט א שפיץ; ווענען ביימער — וואס זייערע צווייגען געהען פאראלעל ארויף־צו.

fastig'iated *a.* (פעס-טידזש'-אי-איי-טעד) ז. *fastigiate*.

fastig'iately *adv.* (פעס-טידזש'-אי-אייט-לי) מיט א שפיץ, פערשפיצטערהייט.

fastig'ium *n.* (פעס-טידזש'-אי-אם) דער שפיץ, דער אויבערשטער טייל, דער אויבערשטער ראנד.

fas'ting *n.* (פעס'-טינג) דאס פאסטען; אין די אלטע צייטען, הויפטזעכליך אין אירלאנד — א מיטעל אויפצומאהנען חובות דורך דעם וואס דער מלוה האט זיך אוועקגעזעצט לעבען דעם פערשולדיגטען'ס הויז און האט געפאסט אזוי לאנג ביז ער האט זיין חוב צוריקגעקראגען [ניט צאהלען א חוב אין אזא פאל איז בעטראכט געווארען פאר א גרויסען פערברעכען].

fas'ting-day *n.* (פעס'-טינג-דיי) ז. *fast-day*.

fas'tish *a.* (פעס'-טיש) אויסגעלאסען, הולטאיאיש.

fast'land *n.* (פעסט'-לענד) הויך־לאנד.

fast'ness *n.* (פעסט'-נעס) פעסטקייט, שטארקייט; זיכערהייט; א פעסטונג; שנעלקייט; דאס האלטען זיך פעסט; איינגעשלאסענקייט; נאהענטקייט; דויערהאפטיגקייט, בעשטענדיגקייט; אויסגעלאסענהייט, הולטאיסטווא.

fast'-shot *n.* (פעסט'-שאט) א ניט־געלונגענע עקספלאזיאן [אין א מינע].

fast'-train *n.* (פעסט'-טריין) א שנעל־צוג.

fat *a., n. and v.* (פעט) פעט, דיק; וואס ענטהאלט פיעל פעך־זאפט [ווענען ביימער]; אומגעלומפערט, שווער, טעמפ, נאריש; רייך; האבענדיג אלעס איבער־גענוג; רייך אין פרוכטען, פראפיטען אדער רעזולטאטען; ברייט [ווענען טיילען פון א שיף]; פעטס, שמאלץ; דער בעסטער אדער פעטסטער טייל; אן אפענע כלי אדער גרוב פאר פליסיגקייטען; פעט מאכען.

fa'tal *a.* (פיי'-טעל) פאטאל, בעשטימט פון שיקזאל; בעשטימענד דעם שיקזאל; אונפערמיידליך, אונאבווענדבאר; אונגליק ברייגגענד, פערדערבליך; טויטליך, פערניכטענד, רואינירענד.

fa'talism *n.* (פיי'-טעל-איזם) פאטאליזם [די לעהרע פון אונפערמיידליכען שיקזאל; דער גלויבען אין מזל, בעשערונג אדער פאראויס־בעשטימונג, אין געגענזאץ צו דעטערמיניזם וואס ערקלערט אלע ערשיינונגען דורך בעשטימטע נאטירליכע אורזאכען].

fa'talist *n.* (פיי'-טעל-איסט) א פאטאליסט. ז. *fatalism*.

fatalis'tic *a.* (פיי-טע-ליס'-טיק) פאטאליסטיש, וואס איז שייך צו אדער איז פערבונדען מיט פאטאליזם. ז. *fatalism*.

fatal'ity *n.* (פע-טעל'-אי-טי) דאס זיין פאטאל; שיקזאל, מזל; שטערבליכקייט; טויטליכקייט; אן אונגליקספאל; דאס זיין קריטיש אדער געפעהרליך. ז. *fatal*.

fa'tally *adv.* (פיי'-טעל-אי) דורך דער אונפערמיידליכער פאראויסבעשטימונג פון שיקזאל; אויף אן אופן וואס פיהרט צו אונגליק אדער פערניכטונג; טויטליך.

fa'talness *n.* (פיי'-טעל-נעס) ז. *fatality*.

fa'ta Morga'na (פא'-טא מאהר-גא'-נא) פאטא־מארגאנא, מיראזש. ז. *mirage*.

fat'-brained *a.* (פעט'-בריינד) נאריש, טעמפ, מיט א פערשטאפטען קאפ.

fat dab (פעט דעב) א פעטער ביסען.

fate *n.* (פייט) דאס שיקזאל, דאס מזל, דער גורל; דאס בעשערטע; דער טויט.

fa'ted *a.* (פיי'-טעד) בעשטימט פון מזל, בעשערט.

fate'ful *a.* (פייט'-פול) פאטאל; וואס איז אונפערמיידליך; וואס בריינגט צום טויט.

fate'fully *adv.* (פייט'-פול-אי) אויף א פאטאלען, אונפערמיידליכען אופן.

fate'-like *a.* (פייט'-לאיק) ווי דאס אונפערמיידליכע, ווי דער טויט.

Fates *n.* (פייטס) אין דער גריכיש־רוימישער מיטאלאגיע — די פארצען, די דריי שוועסטער, צעאוס'ס טעכטער, וועלכע בעשטימען דעם שיקזאל פון מענשען. די עלטערע [קלאטא] שפינט דעם פאדים פון לעבען, און ווען די מיטעלע [לאכעזיס] גיט א צייכען, דאן האקט די יונגערע [אנטראפאס] איבער מיט א שערעל דעם פאדים און דער מענש שטארבט.

fat'-faced *a.* (פעט'-פייסט) מיט א דיקען פנים.

fat'-fed *a.* (פעט'-פעד) גוט אויסגעהאדעוועט.

fat'-guts *n.* (פעט'-גאטס) א פוזע, א טרעלבוך [א דיקער בויך].

fat'head *n.* (פעט'-העד) א מין פיש מיט א דיקען קאפ [געפינט זיך אין גרויסע מאסען ארום קאליפארניען און ווערט פיעל געברויכט פון די כינעזער].



Fathead

fat'-head'ed *a.* (פעט'-העד'-עד) מיט א טעמפען קאפ; דום, נאריש.

fat'-hen *n.* (פעט'-העז) א געוויסע פלאנצע וועלכע האט דיקע און זאפטיגע בלעטער; אויסטראלישע שפינאט.

fa'ther *n. and v.* (פא'-טהער) א פאטער; א שטיף־פאטער; איינער וואס האט צוגענומען און האדעוועט א קינד; דער טיטעל פון א קאטוילישען גלח; דער טיטעל פון א סענאטאר אין אלטען רוים; א פאטריארך; דער עלטסטער מיטגליעד פון א פראפעסיאן אדער קערפערשאפט; אן ענטדעקער אדער ערפינדער פון א זאך; ווערען א פאטער פון אימעצען; אנערקענען אלס קינד; צורעכענען אדער צושרייבען אלס קינד.

Fa'ther *n.* (פא'-טהער) דער פאטער אין הימעל, דער רבונו של עולם; גאט.

fa'therhood *n.* (פא'-טהער-הוד) פאטערשאפט; דאס זיין א פאטער.

fa'ther-in-law' *n.* (פא'-טהער-אין-לאה') א שווער, א שוויגערפאטער.

fa'therland *n.* (פא'-טהער-לענד) א פאטערלאנד.

fa'therlasher *n.* (פא'-טהער-לעש-ער)

א מין עסבארער פיש מיט א ברייטען קאפ [ווערט פיעל געפונען אין גרענלאנד].



Fatherlasher

fa'therless *a.* (פא'-טהער-לעס) אהן א פאטער; אהן א בעוואוסטען אויטאר [וועגען שריפטען און ערצעהלונגען, וועגען וועלכע מען ווייסט ניט ווער עס האט זיי פערפאסט].

fa'therlessness *n.* (פא'-טהער-לעס-נעס) פאטערלאזיגקייט, דאס זיין אהן א פאטער.

fa'therlike *a.* (פא'-טהער-לאיק) פאטערליך.

fa'therliness *n.* (פא'-טהער-לי-נעס) פאטערליכקייט, פאטערליכע ליעבע.

fa'ther-long'-legs *n.* (פא'-טהער-לאהנג'-לעגז) א מין פליג מיט לאנגע פים.

fa'therly *a.* (פא'-טהער-לי) פאטערליך, אזוי ווי א פאטער.

fa'ther of lies (פא'-טהער אוו לאיז) דער שטן, דער מחבל.

Fa'thers *n.* (פא'-טהערז) די אורעלטערען, די אבות.

fa'thership *n.* (פא'-טהער-שיפ) ז. *fatherhood*.

fath'om *n. and v.* (פעטה'-אם) א קלאפטער [א מאס פון 6 פוס]; דער אומפאנג, די גרויס פון עפעס; די טיעפקייט פון אן ענין; אויסמעסטען די טיעף; ערפארשען, ערגרייכען, קומען צום גרונט, דערגרונטעווען.

fath'omable *a.* (פעטה'-אם-עבל) וואס קען אויסגעמעססטען ווערען; וואס קען ערפארשט ווערען, וואס קען דערגרונטעוועט ווערען.

fath'omer *n.* (פעטה'-אם-ער) אן ערפארשער; איינער וואס דערגרונטעוועט זיך.

fath'omless *a.* (פעטה'-אם-לעס) אונערפארשליך, אונערגרינדליך; אהן א גרונט.

fath'om-line *n.* (פעטה'-אם-לאין) א שטריק צום מעסטען טיעפקייטען.

fath'om-wood *n.* (פעטה'-אם-הוואוד) קלאפטער־האלץ, הייץ־האלץ.

fatid'ic *a.* (פיי-טיד'-איק) פראפעצייענד, פאראויסזאגענד; וואס זאגט נביאות.

fatid'ical *a.* (פיי-טיד'-אי-קעל) ז. *fatidic*.

fatid'ically *adv.* (פיי-טיד'-אי-קעל-אי) אויף א פראפעצייענדען אופן; זאגענדיג נביאות.

fatif'erous *a.* (פיי-טיפ'-ע-ראס) פאטאל, פערדערבליך; געפעהרליך; טויטליך.

fat'igate *v.* (פעט'-אי-גייט) פערמאטערען, מיעד מאכען.

fatigue' *n. and v.* (פע-טיג') ערמיעדונג, מיעדקייט; פערמאטערטקייט; די ארבייט פון סאלדאטען וואס בעלאנגט ניט צו די וואפען [ווי שטעהן אויף דער וואך, רייניגונג פון קאזארמעס א. ד. ג.]; ערמיעדען; פאלען שווער; דערעסען.

fatigue'-cap *n.* (פע-טיג'-קעפ) א זאו קליין לייכט היטעלע וואס סאלדאטען טראגען ביי דער ארבייט, וועלכע בעלאנגט ניט צו די וואפען.

fatigue'-dress *n.* (פע-טיג'-דרעס) דיא קליידער וואס סאלדאטען טראגען ביי דער ארבייט, וועלכע בעלאנגט ניט צו די וואפען.

fatigued' to death (פעט-איגד' טו דעטה) אויסגעמאטערט צום טויט, טויטמיעד.

fatigue'-du'ty *n.* (פע-טיג'-דיו'-טי) די ארבייט פון סאלדאטען וואס בעלאנגט ניט צו די וואפען, ווי רייניגען די קאזארמעס, מאכען בעפעסטיגונגס־ווערק א. ד. ג.

fati'guingly *adv.* (פע-טי'-גינג-לי) מיעד מאכענדיג, פערמאטערענדיג.

fatis'cence *n.* (פע-טיס'-ענס) א שפאלט; דאס זיין צושפאלטען.

fatis'cent *a.* (פע טיס'-ענט) צושפאלטען אויף שטיקער.

fat job (פעט דזשאב) א פעטע שטעלע [הויפטזעכליך א פאליטישע].

fat let'ters (פעט לעט'-ערז) פעטע שריפט [דיקע שווארצע אותיות].

fat'ling *n.* (פעט'-לינג) א יונג מאסטפיה [א יונג פעט אבגעקארמעט פיה צום שלאכטען].

fat'ly *adv.* (פעט' לי) פעט, דיק; פעטליך.

fat'ness *n.* (פעט'-נעס) פעטקייט, דיקקייט; פרוכטבארקייט [פון ערד].

fat'ten *v.* (פעטען) פעט מאכען; אבקארמען, אבשטאפען; מיסטיגען; פעט אדער דיק ווערען.

fat'tener *n.* (פעט'-נער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פעט אדער דיק; איינער וואס קארמעט אב.

fat'tiness *n.* (פעט'-אי-נעס) פעטקייט, דיקקייט.

fat'ty *a.* (פעט'-אי) פעט; וואס ענטהאלט פעטס.

fatu'itous *a.* (פע-טיו'-אי-טאס) נאריש, דום, שוואכקעפיג.

fatu'ity *n.* (פע-טיו'-אי-טי) נארישקייט, דומהייט; שוואכקעפיגקייט.

fat'uous *a.* (פעט'-יו-אס) נאריש, דום; שוואכקעפיג.

fat'-wit'ted *a.* (פעט'-הוויט'-עד) גראבקעפיג; נאריש, דום.

fau'bourg *n.* (פאו'-בוהרג) אן אויסערער שטאדט־קווארטאל; א פארשטאדט.

fau'cal *a. and n.* (פאה'-קעל) וואס איז שייך צום ראכען [דער הינטערשטער טייל פון דער מויל־עפנונג וואס געהט צום האלז]; וואס ווערט ארויסגעשפראכען פון ראכען; א קלאנג וואס ווערט ארויסגעלאזען פון ראכען.

fau'ces *n.* (פאה'-סיז) דער ראכען [דער הינטערשטער טייל פון דער מויל־עפנונג וואס געהט צום האלז].

fau'cet *n.* (פאה'-סעט) א צאפען, א קראן.

fauci'tis *n.* (פאה-סאי'-טיס) א ראכען־ענטצינדונג, ז. *fauces*.

faugh *int.* (פאה) פוי!

fault *n. and v.* (פאהלט) א פערזעהן, א פעהלער; א שולד; א חסרון; א פערלארענע שפור; דאס פערליערען די שפור [וועגען יאגד־הינד]; אין געאלאגיע — די פערשיעבונג פון איינגעבראכענע ערד־שיכטען; אין טעניס־שפיעל — א קלאפ וואס טרעפט ניט דעם באל איהם אריינצוווארפען וואו מען דארף; טאדלען.

fault'-block *n.* (פאהלט'-בלאק) אין געאלאגיע — א שטיק איינגעבראכענע, פערשיעבטע ערד־שיכט.

faul'ted *a.* (פאהל'-טעד) אין געאלאגיע — איינגעבראכען און פערשאבען אין מעהרערע ערטער [וועגען אן ערד־שיכט].

fault'finder *n.* (פאהלט'-פאינ-דער) איינער וואס זוכט אדער געפינט חסרונות; א טאדלער; א פארריכטונג אויסצוגעפינען א פעהלער אין אן עלעקטרישער לייטונג.

fault'finding *n. and a.* (פאהלט'-פאינ-דינג) דאס זוכען חסרונות; וואס זוכט חסרונות.

fault'ful *a.* (פאהלט'-פול) פול מיט חסרונות; פול מיט פעהלערען; פול מיט חטאים.

faul'tily *adv.* (פאהל'-טי-לי) אויף א פעהלערהאפטען אופן; פעהלערהאפט.

faul'tiness *n.* (פאהל'-טי-נעס) פעהלערהאפטיגקייט; מאנגעלהאפטיגקייט; זינדיגקייט.

fault'less *a.* (פאהלט'-לעס) אהן חסרונות, אהן פעהלער; פאלקאמען; פעהלער־פריי, טאדעללאז.

fault'lessly *adv.* (פאהלט'-לעס-לי) אויף א טאדעללאזען אדער פעהלער־פרייען אופן; אהן חסרונות.

fault'lessness *n.* (פאהלט'-לעס-נעס) דאס זיין אהן חסרונות; פעהלערלאזיגקייט; פאלקאמענהייט.

faul'ty *a.* (פאהל'-טי) פעהלערהאפט; מיט חסרונות; ניט ריכטיג; שולדיג, טאדעלהאפט.

faun *n.* (פאהן) דער פאון [דער וואלד־גאט ביי די פארצייטיגע רוימער, וואס איז געווען פארגעשטעלט אין דער געשטאלט פון האלב־מענש און האלב־ציעג].

fau'na *n.* (פאה'-נא) די פאונע, די טהיער־וועלט [די חיות וועלכע געפינען זיך אין א געוויסער געגענד אדער וועלכע האבען עקזיסטירט אין א געוויסער געאלאגישער פעריאדע]; אן אבהאנדלונג וועגען די חיות פון א געוויסער געגענד אדער פון א געוויסער געאלאגישער פעריאדע.

fau'nal *a.* (פאה'-נעל) וואס איז שייך צו דער פאונע. ז. *fauna*.

fau'nist *n.* (פאה'-ניסט) א זאאלאג, א נאטור־פארשער; איינער וואס שטודירט די פאונע. ז. *fauna*.

faunis'tic *a.* (פאה-ניס'-טיק) וואס איז שייך צו די חיות פון א געוויסער געגענד אדער פון א געוויסער געאלאגישער פעריאדע.

fauteuil' *n.* (פאו-טוי') א פאטעל, אן ארם־שטוהל.

faux pas (פאו פא) א פאלשער טריט; א פעהלער, א פערזעהן; א פערגעהען געגען דער אנגענומענער עטהיק.

favil'lous *a.* (פע-וויל'-אס) וואס בעשטעהט פון אש; אשיג.

favo'nian *a.* (פע-וואו'-ני-ען) וואס איז נוגע צו פאוואניוס, דעם מערב־ווינד, וועלכער בלאזט אין אנפאנג פריהלינג; גינסטיג; מילד.

fa'vor *n. and v.* (פיי'-ווער) גונסט, חן; בעגינסטיגונג; אונטערשטיצונג; א געפאלען, א טובה; ערלויבניס; א ליעבלינג; דאס אנדעקען; אן ערהאלטענער בריעף אדער צושריפט; בעגינסטיגען; אונטערשטיצען; בעעהרען; בעגנאדיגען; בעוויליגען; גלייך זיין; אויסקוקען עהנליך.

fa'vorable *a.* (פיי'-ווער-עבל) געפעלליג; פריינדליך; בעהילפליך; בעקוועם, גינסטיג.

fa'vorable as'pect (פיי'-ווער-עבל עס'-פעקט) א גינסטיגע לאגע.

fa'vorableness *n.* (פיי'-וואר-עבל-נעס) גונסט, חן, גוטקייט; געפעלינגקייט.

fa'vorably *adv.* (פיי'-וואר-ע-בלי) אויף א פריינדליכען אופן; אויף א גינסטיגען אדער בעקוועמען אופן.

fa'vored *a.* (פיי'-וואָרד) בעגינסטיגט, מיט חן; פון אויסזעהן; געשטאלטעט.

fa'voredly *adv.* (פיי'-וואָרד-לי) אין בעצוג צום אויסזעהן, אופן אדער געשטאלטונג.

fa'vorer *n.* (פיי'-וואר-ער) א בעגינסטיגער, א גינער, איינער וואס העלפט דעם צווייטען אין זיין ערפאלג.

fa'voringly *adv.* (פיי'-וואר-אינג-לי) ארויסווייזענדיג פריינדליכקייט; טהוענדיג א טובה.

fire'-extin'guisher *n.* (פאיר'-עקס-טינ'-גוויש-ער) א לעש־אפאראט [מעהרסטענטייל א האנד־אפאראט], מיט וועלכען מען לעשט דאס פייער מיט וואסער אדער מיט וואסער וואס איז געמישט מיט כעמישע שטאפען [מייסטענס מיט קויהלען־שטאף].

fire'-eye *n.* (פאיר'-אי) דער פייער־אויגינער דראסעל [אזא פויגעל מיט רויטע אויגען אין זיד־אמעריקא].

fire'-eyed *a.* (פאיר'-איד) וואס האט ברענענדע, פייעריגע אויגען.

fire'-fanged *a.* (פאיר'-פענגד) אויסגעטריקענט [ווי פון פייער]; פערדארט [וועגען מיסטיגונגס־שטאף]; פערטריקענט, צושפאלטען [וועגען קעז].

fire'-fiend *n.* (פאיר'-פיענד) דער פייער־טייוועל [פייער פערזאניפיצירט אלס א גייסט פון פערניכטונג]; אן אונטערצינדער.

fire'-fish'ing *n.* (פאיר'-פיש'-אינג) פיש־פאנג מיט דער הילף פון פאקעלען, די שיין פון וועלכע עס ציהט צו די פיש.

fire'-flaught *n.* (פאיר'-פלאהט) א בליץ [הויפטזעכליך א בליץ אהן א דונער]; דאס נארד־ליכט.

fire'fly *n.* (פאיר'-פלאי) דער לייכטענדער קעפער [זשוק]; א גליה־ווארים.

fire'-grate *n.* (פאיר'-גרייט) א פייער־גראטע.

fire'-guard *n.* (פאיר'-גארד) א דראט־געפלעכט פאר א קאמין.

fire'-hol'der *n.* (פאיר'-האול'-דער) א כלי, אין וועלכער מען טראגט ארום פייער.

fire'-hole *n.* (פאיר'-האול) א פאלאנקע אדער פראליוקין [א לאך אין א פערפרארענעם טייך], וועלכע מען האקט אויס אין אייז, אום צו האבען גרייט וואסער אין פאל פון א פייער.

fire'-hook *n.* (פאיר'-הוק) א פייער־

האקען [ארונטערצורייסען טיילען פון א ברענענדער געביידע]; אן אייזערנער שטאנג צו מישען דאס פייער אין אויווען.

fire′-hunt *n.* (פאיר׳-האנט) א יאגד ביי דער שיין פון פאקעלען; א יאגד מיט פאקעלען, די שיין פון וועלכע ציהט צו די חיות.

fire′-insur′ance *n.* (פאיר׳-אינ-שוהר׳ ענס) פערזיכערונג געגען פייער, אסעקוראציע.

fire′-insur′ance com′pany (פאיר׳-אינ-שוהר׳-ענס קאמ׳-פע-ני) א פייער־פערזיכערונגס־געזעלשאפט.

fire′-i′ron *n.* (פאיר׳-אי׳-ערן) דאס פייער־אייזען [דאס שטיקעל אייזען, מיט וועלכען מען בריינגט ארויס פייער, קלאפענדיג עס אן א פייער־שטיין אדער קרעמען]; פייער־געשיר, זאכען, מיט וועלכע מען בענוצט זיך ביים אויווען [ווי קאטשערעס, לאפאטעס, צוואנגען א. ד. ג.].

fire′-kiln *n.* (פאיר׳-קיל) א ברען־אויווען.

fire′-lad′der *n.* (פאיר׳-לעד׳-ער) א פייער־לייטער. ז. *fire-escape*

fire′less *a.* (פאיר׳-לעס) אהן פייער.

fire′-lock *n.* (פאיר׳-לאק) ז. *flint-lock*

fire′-mace *n.* (פאיר׳-מיים) א מין באמבע, וועלכע מען פלעגט אין די אמאליגע צייטען געברויכען אין קריעג.

fire′-main *n.* (פאיר׳-מיין) א וואסער־רינע, א וואסער־ראהר וואס מען געברויכט בעת א פייער.

fire′man *n.* (פאיר׳-מען) א פייער־לעשער, א מיטגליעד פון א פייער־בריגאדע; א מיטגליעד פון א פייער־פערזיכערונגס־געזעלשאפט; אין קויהלען־גרובען — איינער וועמענס אויפגאבע עס איז צו אונטערזוכען יעדען פריהמארגען, אויב עס איז ערגעץ ניט אנגעזאמעלט קויהלען־גאז. ז. *fire-damp*

fire′-mas′ter *n.* (פאיר׳-מעס׳-טער) אן אייבער־פייערווערקער [ביי הארמאטען]; אין ענגלאנד — דער הויפט פון א פייער־בריגאדע.

fire′-new *a.* (פאיר׳-ניו) ניי־וואס ארויס פון דעם שמיעד׳ס הענד; שפאגעל־ניי. ז. *brand-new*

fire′-o′pal *n.* (פאיר׳-או׳-פעל) דער פייער־אפאל, א בלויליך ווייסער אפאל [עדעל־שטיין] מיט א רויטליכען אבגלאנץ. ז. *girasol*

fire′-or′deal *n.* (פאיר׳-אהר׳-די-על) די פייער־פראבע [א מנהג אין די אלטע צייטען און אויך יעצט ביי פיעלע ווילדע שבטים אויסצוגעפינען אימעצענס שולד דורך דעם וואס מען צווינגט איהם צו האלטען אין די הענד געגליהטע שטיקער אייזען אדער געהן בארוויסערהייד אויף אזא אייזען].

fire′-pan *n.* (פאיר׳-פען) א פייער־פאן, א פייער־טאפ; אין א שיס־געוועהר — דער פלאץ, וואו עס לעגט זיך אריין דער פולווער.

fire′-pa′pers *n.* (פאיר׳-פיי׳-פערז) פאפיערענע בעציערונגען איבער׳ן קאמין.

fire′place *n.* (פאיר׳-פליים) א קאמין.

fire′-plug *n.* (פאיר׳-פלאג) דער גאסען־וואסער־קראן [צו וועלכען מען שרויפט צו די וואסער־קישקע פון א לעש־מאשין ביים לעשען א פייער].

fire′-pol′icy *n.* (פאיר׳ פאל׳ אי סי) א פייער־פערזיכערונגס־פאליסי [א דאקומענט וואס א פייער־פערזיכערונגס־געזעלשאפט גיט ארויס איינעם, וועלכער האט ביי איהר פערזיכערט זיין אייגענטום].

fire′-pot *n.* (פאיר׳-פאט) א כלי מיט עקספלאדירענדע שטאפען, א מין באמבע וואס מען פלעגט אין די אמאליגע צייטען געברויכען אין קריעג; דער פלאץ אין אויווען וואו עס ליעגט דאס פייער; א לייט־אויווען; א שמעלץ־טיגעל.

fire′proof *v.* (פאיר׳-פרוהף) מאכען פייער־זיכער; מאכען, עס זאל ניט קענען ברענען.

fire′-proof *a.* (פאיר׳-פרוהף) פייער־פעסט, פייער־זיכער [וואס קען ניט ברענען].

fire′proofing *n.* (פאיר׳-פרוהפ-אינג) דאס מאכען פייער־זיכער [אז עס זאל ניט קענען ברענען]; די שטאפען וועלכע מאכען עפעס פייער־זיכער.

fire′-quar′ters *n.* (פאיר׳-קהוואהר׳-טערז) די פלעצער וואס עס פערנעהמט די פייער־בריגאדע אדער בכלל די אנגעשטעלטע אויף א שיף, ווען עס ווערט געגעבען א פייער־אלארם.

fir′er *n.* (פאיר׳-ער) אן אונטערצינדער.

fire′-raft *n.* (פאיר׳-רעפט) א פייער־פליטע [אן אנגעצונדענע האלץ־פליטע מיט עקספלאדירענדע שטאפען, וועלכע מען לאזט אוועק צווישען דעם שונא׳ס שיפען, אום זיי צו פערניכטען].

fire′-rai′sing *n.* (פאיר׳-ריי׳-זינג) אונטערצינדונג.

fire′-reg′ulator *n.* (פאיר׳-רעג׳-יו-ליי-טאר) א פייער־רעגולאטאר [א פארריכטונג אין אויווענס אויטאמאטיש צו רעגולירען די טעמפעראטור].

fire′-roll *n.* (פאיר׳-ראול) א פייער־אלארם־סיגנאל אויף שיפען דורך פויקען.

fire′-room *n.* (פאיר׳-רוהם) א קעמערעל פאר דעם אויווען פון א מאשין־קעסעל אויף א שיף, וואו מען האלט די קויהלען.

fire′-screen *n.* (פאיר׳-סקריען) א פייער־שירם [א דראט־געפלעכט פאר אן אויווען].

fire′-set *n.* (פאיר׳-סעט) א גאנג פייער־געשיר [ווי א קאטשערע, אייזען־שטאנג, צוואנגען א. ז. וו.].

fire′-shield *n.* (פאיר׳-שיעלד) א פארריכטונג ביי א הייץ־מאשין צו האלטען דעם פלאץ קיהל.

fire′-ship *n.* (פאיר׳-שיפ) א בראנד־שיף [אנגעפילט מיט עקספלאדירענדע שטאפען און געברויכט אום אונטערצוצינדען דעם שונא׳ס שיפען].

fire′side *n. and a.* (פאיר׳-סאיד) דער פייער־ווינקעל, דער קאמין; די היים, דער אייגענער ווינקעל; וואס איז שייך צום פלאץ ביים קאמין אדער צו דער היים; היימיש, היימליך.

fire′-spir′it *n.* (פאיר׳-ספיר׳-איט) די גאטהייט פון פייער; דאס פערזאניפיצירטע פייער.

fire′-steel *n.* (פאיר׳-סטיעל) א שטיקעל שטאהל, מיט וועלכען מען שלאגט אויס פייער פון א פייער־שטיין [קרעמען].

fire′-stick *n.* (פאיר׳-סטיק) א האלאוועשקע; א שטיק האלץ וואס מען רייבט אן א צווייטען שטיק, אום ארויסצובריינגען פייער [ביי ווילדע].

fire′-stone *n.* (פאיר׳-סטאון) פייער־שטיין, קרעמען; זאמד־שטיין [געברויכט פאר אויווענס]; שוועבעל־שטיין; אזא אויפרייסענדער שטאף.

fire′-tel′egraph *n.* (פאיר׳-טעל׳-אי-גרעף) א פייער־טעלעגראף [צו געבען פייער סיגנאלען דורך ספעציעלע סיגנאלקעסטלעך וואס געפינען זיך אין פערשיעדענע טיילען פון שטאדט].

fire′-tow′er *n.* (פאיר׳-טאו׳-ער) א פייער־טורם [פון וועלכען מען גיט א פייער־אלארם]; א לייכט־טורם.

fire′-trap *n.* (פאיר׳-טרעפ) א פייער־פאסטקע [א געביידע אדער פלאץ, פון וואנען עס איז זיך שווער צו ראטעווען בעת א פייער, הויפטזעכליך אזא פלאץ וואס קען זיך לייכט אנצינדען און פערברענט ווערען].

fire′-war′den *n.* (פאיר׳-הוואהר׳-דען) א בעאמטער וועלכער גיט אכטונג, אז מען זאל ניט איבערטרעטען די געזעצען וועגען פייער־געפאהר אין די געגענדען וואו עס זיינען פאראן וועלדער; דער הויפט פון א פייער־בריגאדע.

fire′-wa′ter *n.* (פאיר׳-הוואה׳-טער) בראנפען [אן אויסדרוק געברויכט ביי די אינדיאנער].

fire′-weed *n.* (פאיר׳-הוויעד) דאס אמעריקאנער קרייץ־קרויט.

fire′-wood *n.* (פאיר׳-הוואוד) ברען־האלץ, הייץ־האלץ.

fire′work *n.* (פאיר׳-הוואירק) פייער־ווערק.

fire′-worm *n.* (פאיר׳-הוואירם) א גליה־ווארים.

fire′-wor′ship *n.* (פאיר׳-הוואיר׳-שיפ) פייער־פערגעטערונג, דאס דיענען צום פייער.

fire′-wor′shiper *n.* (פאיר׳-הוואיר׳-שיפ-ער) א פייער־פערגעטערער.

fir′ing *n.* (פאיר׳-אינג) הייץ־מאטעריאל; דאס ברענען, דאס בראטען, דאס באקען; דאס שיסען, שיסעריי; דאס אויסברענען [אלס הייל־מיטעל]; דאס קלינגען אין אלע גלעקער.

fir′ing-i′ron *n.* (פאיר׳-אינג-אי׳-ערן) א ברען־אייזען.

fir′ing-machine′ *n.* (פאיר׳-אינג-מע-שין׳) א פארריכטונג אנצושיטען קויהלען אין א מאשין־אויווען.

fir′ing-par′ty *n.* (פאיר׳-אינג-פאר׳-טי) א קאמפאניע סאלדאטען אדער מאטראזען וואס שיסען אויף א קבר לכבוד פון דעם בעערדיגטען אדער וואס דערשיסען א פעראורטיילטען צום טויט.

fir′ing-point *n.* (פאיר׳-אינג-פאינט) טעמפעראטור, ביי וועלכער א שטאף צינדט זיך אן אדער עקספלאדירט.

firk *n.* (פוירק) א קלאפ.

fir′kin *n.* (פויר׳-קין) א קליין פעסעל; א פיערטעל פאס [א מאס וואס האלט 9 טעפ].

firm *a. and n.* (פוירם) פעסט, שטארק, הארט; שטאנדהאפט; א פירמע, א געשעפטס־פירמע.

fir′mament *n.* (פויר׳-מע-מענט) דער הימעלס־געוועלב, דער הימעל.

firmamen′tal *a.* (פויר-מע-מענ׳-טעל) וואס געהערט צום הימעלס־געוועלב; וואס איז פון די העכערע רעגיאנען.

fir′man *n.* (פויר׳-מען) א דעקרעט, בעפעהל אדער ערלויבניס פון טערקישען סולטאן אדער פון אן אנדער אריענטאלישען הערשער.

firm at′titude (פוירם עט׳-אי-טיוד) א פעסטע שטעלונג.
The officers of the law must take a firm attitude against the law breakers.

firm′-foot′ed *a.* (פוירמ׳-פוט׳-עד)

וואס האט א גאנצע, ניט קיין געשפאלטענע קאפיטע [ווי א פערד].

firm'ly *adv.* (פוירמ'-לי) מיט פעסט-קייט; מיט שטאנדהאפטיגקייט; מיט זיכערהייט, מיט געוויסהייט; מיט ענטשלאסענהייט.

firm'-name *n.* (פוירמ'-ניים) דער נא-מען פון א געשעפטס-פירמע.

firm'ness *n.* (פוירמ'-נעס) פעסטקייט; שטארקייט; געוויסהייט; שטאנדהאפטיגקייט.

first *a., adv. and n.* (פוירסט) ערשט; אלס ערשטער; ערשטענס; צוערשט; פריהער; דער ערשטער; דער אנפאנג; אין מוזיק — די ערשטע, לייטענדע שטימע אדער אינסטרומענט אין א כאר אדער ארקעסטער [ווי די ערשטע פיעדל].

first a'gent (פוירסט איי'-דזשענט) דער אנפאנג פון אלע אנפאנגען; אזעלכעס וואס איז ניט קיין פראדוקט פון עטוואס אנדערעס.

first aid (פוירסט אייד) די ערשטע, באלדיגע, מעדיצינישע הילף וואס ווערט געגעבען א פערוואונדעטען.

first and last (פוירסט ענד לעסט) ארום און ארום.
He lives here first and last about 3 years.

first'-begot'ten *n. and a.* (פוירסט'-בי-גאט'ן) א בכור; וואס איז געבארען צוערשט; וועלכער איז א בכור.

first blush (פוירסט בלאש) דער ערשטער איינדרוק, דער ערשטער אנבליק.

first'-born *a. and n.* (פוירסט'-בארן) וואס איז צום ערשטען געבארען; דער עלטעסטער, דער בכור.

first cause (פוירסט קאהז) אזעלכעס וואס איז ניט קיין פראדוקט פון עטוואס אנדערעס [ווי אדם הראשון, וועלכער איז ניט געבארען פון אן אנדער מענשען]; דער אנפאנג פון אלע אנפאנגען; די סבת כל הסבות.

first chop (פוירסט טשאפ) ערשט-קלאסיג, פון ערשטען בעסטען זארט.

first'-class *a.* (פוירסט'-קלעס) ערשט-קלאסיג, פון העכסטען ראנג, פון בעסטען זארט.

first'-class mat'ter (פוירסט'-קלעס מעט'-ער) פאסט-זאכען פון ערשטען קלאס [געשריבענע אדער פערזיגעלטע, ווי בריעף א. ז. וו.].

first come, first served (פוירסט קאם, פוירסט סוירווד) ווער עס קומט פריהער, דער מאהלט פריהער.

first cost (פוירסט קאסט) קאסטען-פרייז, איינקויפס-פרייז.

first cous'in (פוירסט קאזן) א שוועס-טער-קינד [א שני בשני].

First'-day *n.* (פוירסט'-דיי) זונטאג.

first dig'it (פוירסט דידזש'-איט) דער גראבער פוס-פינגער.

first'-fruit *n.* (פוירסט'-פרוהט) די ערשטע פרוכט [בכורים, וועלכע אידען פלעגען אמאל ברייננגען אלס א קרבן פאר גאט]; דער ערשטער פערדיענסט; דער ערשטער פראדוקט.

first good (פוירסט גוד) דאס העכסטע גוטס; דאס ענד-ציעל.

first'-hand *n. and a.* (פוירסט'-הענד) די ערשטע האנד, די ערשטע קוועלע; פון דער ערשטער האנד, פון דער ערשטער קוועלע.

first in the field (פוירסט אין טהי פיעלד) דער ערשטער, דער ערשטער אויף'ן פלאץ.

first'ling *n. and a.* (פוירסט' לינג) אן ערשטלינג [אין בעציהונג אויף חיות]; וואס איז צוערשט געשאפען געווארען.

first'ly *adv.* (פוירסט'-לי) ערשטענס, ראשית.

first mate (פוירסט מייט) דער ערשטער שטורמאן אויף א שיף.

first merid'ian (פוירסט מי-ריד'-אי-ען) דער ערשטער מערידיאן [די ערשטע לענג-ליניע פון ערד-קוגעל פון וועלכער מען רעכענט אין געאגראפיע די לענג פון דער ערד. דער ערשטער מערידיאן איז, לויט ווי עס איז אנגענומען געווארען, אין גרינוויטש, א שטאדט ניט ווייט פון לאנדאן].

first of'ficer (פוירסט אפ'-איס-ער) דער ערשטער אפיציער נאך דעם שיפס-קאפיטאן.

first prin'ciple (פוירסט פרינ'-סיפל) דער ערשטער פרינציפ, דער הויפט-פרינציפ [א פרינציפ וועלכער איז ניט ארויסגעדרונגען פון אנדערע, נאר איז דער יסוד פאר אנדערע פרינציפען].

first qual'ity (פוירסט קהוואל'-אי-טי) דער בעסטער זארט, דאס בעסטע וואס איז איז נור פאראן.

first'-rate *a. and n.* (פוירסט'-רייט) פון בעסטען זארט; ערשט-קלאסיג; אויסגעצייכענט; עטוואס וואס איז ערשט-קלאסיג.

first tier (פוירסט טיער) די ערשטע רייה פון די לאזשעס אין טעאטער.

firth *n.* (פוירטה) ז. *frith*.

fir'-tree *n.* (פויר'-טריע) א טאנענבוים, א סאסנע.

fir'-wood *n.* (פויר'-הוואוד) טאנענהאלץ.

fisc *n.* (פיסק) דער שטאאטס-שאץ, קאזנא.

fis'cal *a. and n.* (פיס'-קעל) וואס איז שייך צו קאזנא אדער די פינאנסען פון דער רעגיערונג; קאזיאנע; אין איינינגע מלוכות — א שטאאטס-שאצמייסטער אדער קאזנאטשיי; אין שפאניען און פארטוגאל — דער גענעראל-פראקוראר; א פראקורר; דער באלאבאו [א מין אפריקאנישער פאלק-פויגעל].

fis'cal year (פיס'-קעל יוֹר) דאס פיסקאל-יאהר [די בעשטימטע צייט ווען עס פאנגט זיך אן און ענדיגען זיך יעהרליכע רעכנונגען פון אן אונטערנעהמונג אדער פון א רעגיערונג].

fish *n. and v.* (פיש) א פיש; יעדע חיה אדער בעשעפעניש וואס לעבט אין וואסער; אין שיף-בויאונג — א לאנגער קלאץ אדער אייזען, וועלכער פערשטארקט א צוזאמענגעשטעלטען מאסט; ביי סטאליארעס — א שטיק האלץ אדער לייסט וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף אן אנדערען עס צו פערשטארקען; דער מזל "דגים"; א מארקע [א קליינע קופערנע מטבע אין געוויסע שפיעלען]; כאפען פיש; פאנגען; זוכען צו פאנגען; זוכען; זיך יאגען נאך עפעס; ארויפציהען דעם אנקער פון א שיף; בעפעסטיגען די מאסטען פון א שיף.

fish'-bait *n.* (פיש'-בייט) ווערים, פליגען א. ד. ג. וואס מען שטעקט אן אויף א האטשיק צו כאפען פיש.

fish'-ball *n.* (פיש'-באהל) א געקאכט פיש-קניידעל.

fish'-bas'ket *n.* (פיש'-בעס'-קעט) א פיש-קארב.

fish'-bel'lied *a.* (פיש'-בעל'-איד) וואס האט די פארם פון דעם בויך פון א פיש; קאנקאוו; אויפגעבלאזען.

fish'-bel'lied rail (פיש'-בעל'-איד רייל) א רעלסע אדער שינע, וועלכע איז אין מיטען ריקער און האלב-רונד ווי א בויך פון א פיש.

fish'-bone *n.* (פיש'-באון) פיש-ביין.

fish'-cake *n.* (פיש'-קייק) ז. *fish-ball*.

fish'-car'ver *n.* (פיש'-קאר'-ווער) א מין ברייט מעסער, מיט וועלכען מען שניידט פאנאנדער און מען טיילט אויס געקאכטע פיש.

Fish Commis'sion (פיש קא-מיש'-אן) א קאמיסיע אדער ביורא פון דער רעגיערונג פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער פראגע וועגען פיש און פישערייען פון לאנד. זי האט אונטער איהר אויפזיכט דאס שטודירען די געוועהנהייטען פון פיש, ווען מען קען זיי פאנגען און וועלכע פון זיי טויגען צום עסען [פיעלע בעזונדערע שטאאטען האבען אויך זייערע קאמיסיעס בנוגע צו די פיש און פישערייען פון דעם שטאאט].

fish'-crow *n.* (פיש'-קראו) א קראהע אדער ווארענע, וועלכע עסט מייסטענס פיש [האלט זיך אויף נעבען די אטלאנטישע ברעגען פון אמעריקא].

fish'-cul'ture *n.* (פיש'-קאל'-טשור) דאס קולטיווירען אדער האדעווען פיש.

fish'-day *n.* (פיש'-דיי) דער טאג ווען לויט דער מנהג אדער דער דין ערלויבט צו עסען נור פיש און ניט קיין פליישיגע מאכלים [ווי אין געוויסע פאסט-טעג ביי די קריסטען].

fish'-ea'gle *n.* (פיש'-איגל) דער ארלער וואס לעבט ביים ברעג ים און ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'er *n.* (פיש'-ער) א פישער, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט כאפען פיש; א מין מארדער [א קליין חיה'לע עטוואס גרעסער פון א טכויר אדער שעשקע. איהר פעל איז זעהר טייער].

fish'er-boat *n.* (פיש'-ער-באוט) א פישער-שיפעל.

fish'erman *n.* (פיש'-ער-מען) א פישער; איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט כאפען פיש; א פישער-שיף; א מין קאטשקע אדער ענטעל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'ery *n.* (פיש'-ער-אי) פישעריי, פיש-פאנג; אן ארט פון פיש-פאנג; דאס רעכט צו כאפען פיש אין געוויסע וואסערען.

fish'-fag *n.* (פיש'-פעג) א פרויענצימער וואס האנדעלט מיט פיש.

fish'-fly *n.* (פיש'-פלאי) [א פיש-פליג א נאכנעמאכטע פליג מיט וועלכער מען כאפט פיש].

fish for com'pliments (פיש פאר קאמ'-פלי-מענטס) זוכען קאמפלימענטען.

fish'gig *n.* (פיש'-גיג) א שטאנג מיט שפיצען אדער ציינער צו כאפען פיש.

fish'-glue *n.* (פיש'-גלוה) פיש-קליי.

fish'-hawk *n.* (פיש'-האהק) א פאלק אדער סאקאל וואס ערנעהרט זיך מיט פיש.

fish'-hook *n.* (פיש'-הוק) א האטשעק אדער קרוטשאק צום כאפען פיש.

fish'ify *v.* (פיש'-אי-פאי) מאכען פארע-ווע [מאכען פון פלייש פיש].

fish'ily *adv.* (פיש'-אי-לי) מיט דעם געשמאק אדער גערוך פון פיש.

fish'iness *n.* (פיש'-אי-נעס) דאס הא-בען די אייגענשאפטען אדער פארמען פון א פיש.

fish'ing *n.* (פיש'-אינג) דאס פישען, דאס כאפען פיש; א פישעריי, דער ארט וואו מען כאפט פיש.

fish'ing-boat *n.* (פיש'-אינג באוט) א פישער-שיפעל.

NORTH AMERICAN FOOD AND GAME FISHES

נאָרד־אמעריקאנישע שפּייז־פיש און פאַנג־פיש

fish'ing-line *n.* (פיש'-אינג-לאין) א פישער=שנור [א שנור מיט א האטשעק און אנגעטשעפעטען ווארים צו כאפען פיש].

fish'ing-place *n.* (פיש'-אינג-פלייס) א פישעריי [אן ארט צום פישען].

fish'ing-punt *n.* (פיש'-אינג-פאנט) א פישער=שיף.

fish'ing-tack'le *n.* (פיש'-אינג-טעקל) די אויסשטאטונג פון א פישער [אלע אינסטרומענטען, וועלכע זיינען איהם נויטיג צו כאפען פיש].

fish in the air (פיש אין טהי עהר) זיך ארומדרעהען און גאר נישט טהאן.

fish in troubled wa'ters (פיש אין טראבלד וואה'-טערז) כאפען פיש אין מוטנעם וואסער.

fish'-joint *n.* (פיש'-דזשאינט) א רעלסען=פערבינדונג, ביי וועלכער די פערבינדונגס=פלאטען זיינען אביסעל רונד אויסגעבויגען [ווי די פלאכע רונדקייט פון א פיש].

fish'-ket'tle *n.* (פיש'-קעטל) א פיש=קעסעל [א קעסעל צו קאכען פיש].

fish'-knife *n.* (פיש'-נאיף) ז. *fish-carver*.

fish'like *a.* (פיש'-לאיק) ווי א פיש; עהנליך צו א פיש.

fish'-mar'ket *n.* (פיש'-מאר'-קעט) א פיש=מארק.

fish'-maw *n.* (פיש'-מאה) דער בלאז אדער פענכער פון א פיש.

fish'-meal *n.* (פיש'-מיעל) פיש=שפייז, א פיש=געריכט.

fish'monger *n.* (פיש'-מאנ-גער) א פיש=הענדלער.

fish out (פיש אוט) אויספארשען, אויסזוכען; אויסלעדיגען פון פיש [א טייך]; ארויסשלעפען, ארויסקריעגען.

fish'-owl *n.* (פיש'-אול) א נאכט=איילע [סאווא] וואס עסט פיש.

fish'-pack'ing *n.* (פיש'-פעק'-אינג) דאס קאנזערווירען פיש [דאס רייניגען זיי, אויפשניידען, אבוועגען און אויסלעגען אין בלעכענע קעסטלעך און פערהתמ'ענען די קעסטלעך אזוי, אז קיין לופט זאל צו זיי ניט צוקומען].

fish'-pond *n.* (פיש'-פאנד) א טייכעל אדער סאזשעלקע, וואו פיש האלטען זיך.

fish'-skin *n.* (פיש'-סקין) פיש=הויט; די פעל פון א היי=פיש [אקולע].

fish'-skin disease' (פיש'-סקין די-זיעז') אזא הויט=קראנקהייט וואס די הויט זעהט אויס ווי שופען.

fish'-slice *n.* (פיש'-סלאיס) א פיש=מעסער. ז. *fish-carver*.

fish'-spear *n.* (פיש'-ספיער) א פיקע אדער שפיען צו שטעכען און ארויסציהען פיש פון אונטער'ן אייז.

fish'-sto'ry *n.* (פיש'-סטאו'-רי) א פאנטאסטישע אדער ליגנערישע געשיכטע.

fish'-tack'le *n.* (פיש'-טעקל) אזא אייזערנער בלאק אדער הויב=מאשין מיט וועלכער מען הויבט אויף אן אנקער אויף א שיף.

fish'-tail *a.* and *n.* (פיש'-טייל) וואס איז עהנליך צום עק פון א פיש; דער עק פון א פיש; א מין אינזעקט.

fish'-tail bur'ner (פיש'-טייל בויר'-נער) א גאז=ברענער, פון וועלכען דער פלאם געהט ארויס אין דער פארם פון אן עק פון א פיש.

fish'-torpe'do *n.* (פיש'-טאר-פי'-דאו) א טארפעדא אדער א מינע וואס שווימט אליין אונטער'ן וואסער דורך א געוויסען מעכאניזם; א באמבע וואס מען רייסט אויף אונטער'ן וואסער צו טויטען פיש.

fish'-trap *n.* (פיש'-טרעפ) א פאסטקע צו כאפען פיש.

fish'-trow'el *n.* (פיש'-טראו'-על) ז. *fish-carver*.

fish'-ward *n.* (פיש'-וואהרד) ז. *fish-warden*.

fish'-war'den *n.* (פיש'-וואהר'דן) א בעאמטער וועלכער גיט אכטונג מען זאל ניט איבערטרעטען די געזעצע בנוגע צו פיש=פאנג.

fish'wife *n.* (פיש'-הוואיף) ז. *fishwoman*.

fish'woman *n.* (פיש'-הוואומ-ען) א פיש=הענדלערקע, א פישערקע; א מארק=פרוי.

fish'y *a.* (פיש'-אי) פיש=ארטיג; רייך אין פיש; איבערטריבען, אונגלויבליך [ווי די מעשיות פון די פישער]; טונקעל, אהן אויסדרוק [ווי דאס אויג פון א פיש]; ניט בעשטענדיג.

fis'sate *a.* (פיס'-אייט) געשפאלטען, צושפאלטען; אין ענטאמאלאגיע — צוטיילט אדער צושפאלטען אין צוויי טיילען.

fis'sile *a.* (פיס'-איל) וואס קען צוטיילט אדער צושפאלטען ווערען, וואס קען צוטיילט ווערען אין שיכטען [וועגען בוימער אדער מינעראלען]; אין ענטאמאלאגיע — וואס בעשטעהט פון שופען, וועלכע מען קען פאנאנדערשפרייטען.

fissilin'gual *a.* (פיס-אי-לינ'-גהוועל) וואס האט א צושפאלטענעם אדער געטיילטען צונג [וועגען עקרישען].

fissil'ity *n.* (פי-סיל'-אי-טי) טיילבארקייט, שפאלטבארקייט, וואס בעשטעהט פון שיכטען.

fis'sion *n.* (פיש'-אן) טיילונג, שפאלטונג; אין ביאלאגיע — די אויטאמאטישע שפאלטונג אדער טיילונג פון צעלען אדער ארגאניזמען אין נייע צעלען אדער ארגאניזמען [געוויסע נידריגע בעשעפענישען פערמעהרען זיך און פרוכפערען זיך דורך דעם וואס זיי שפאלטען זיך].

fissip'ara *n.* (פי-סיפ'-ע-רא) בעשעפענישען, וועלכע פערמעהרען זיך דורך שפאלטען זיך אדער זעלבסט=פאנאנדערטיילונג.

fissip'arism *n.* (פי-סיפ'-ע-ריזם) אין ביאלאגיע — דאס פערמעהרען זיך דורך זעלבסט=פאנאנדערטיילונג אדער אבשפאלטונג.

fissipar'ity *n.* (פיס-אי-פער'-אי-טי) ז. *fissiparism*.

fissip'arous *a.* (פי-סיפ'-ע-ראס) אין ביאלאגיע — וואס פערמעהרט זיך דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט=פאנאנדערטיילונג.

fissip'arously *adv.* (פי-סיפ'-ע-ראס-לי) דורך אבשפאלטונג אדער זעלבסט=פאנאנדערטיילונג [וועגען דעם אופן ווי אזוי געוויסע בעשעפענישען פערמעהרען זיך].

fis'siped *n.* and *a.* (פיס'-אי-פעד) וואס האט געשפאלטענע קלויען; א בהמה מיט צושפאלטענע קלויען [מפרים פרסה].

fis'sipedal *a.* (פיס'-אי-פעד-על) וואס האט צושפאלטענע קלויען.

fis'sipede *a.* and *n.* (פיס'-אי-פיד) וואס האט צושפאלטענע קלויען; א חיה מיט צושפאלטענע קרייען.

fissiros'tral *a.* (פיס-אי-ראס'-טרעל) וואס האט א טיעף און ברייט פאנאדערגעשפאלטענעם שנאבעל [ווי א שוואלב].

fis'sive *a.* (פיס'-איוו) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון פאנאנדערטיילען זיך [וועגען צעלען אדער ארגאניזמען].

fis'sural *a.* (פיש'-יור-על) אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צו א שפאלט, א קארב, א פערטיעפונג [ווי למשל, די פערטיעפונגען אין מארך].

fissura'tion *n.* (פיש-יו-ריי'-שאן) טיילונג, שפאלטונג, קארבונג, פערטיעפונג; אין ביאלאגיע — אן אויטאמאטישע פאנאנדערטיילונג פון צעלען און ארגאניזמען [פערמעהרונג דורך שפאלטען זיך אדער פאנאנדערטיילען זיך].

fis'sure *n.* and *v.* (פיש'-יור) א שפאלט [ווי אין א פעלז]; אין אנאטאמיע — א פערטיעפונג, א פאנאנדערטיילונג, א קארב [ווי למשל, אין מארך]; צושפאלטען; פאנאנדערטיילען.

fis'sured *a.* (פיש'-יורד) צושפאלטען, פאנאנדערגעטיילט.

fis'sureless *a.* (פיש'-יור-לעס) אהן שפאלטען, אהן פערטיעפונגען; אהן פאנאנדערטיילונגען.

fis'sure-nee'dle *n.* (פיש'-יור-ניעדל) אן אינסטרומענט צו פערנעהען וואונדען.

fist *n.* and *v.* (פיסט) א פויסט, א קולאק; אזא רעגען=שוועמעל; א טפח [א לענגען=מאס פון אונגעפעהר פיער צאל]; שלאגען מיט די פויסטען; פערקוועטשען אין פויסט.

fist'-ball *n.* (פיסט'-באהל). א רעגען=שוועמעל.

fis'ted *a.* (פיס'-טעד) וואס פערמאגט געזונדע פויסטען.

fist'ful *n.* (פיסט'-פול) א זשמעניע, א הויפען.

fis'tic *a.* (פיס'-טיק) וואס איז שייך צום פויסטען=קאמפף.

fis'ticuffer *n.* (פיס'-טי-קאפ-ער) א פויסטען=קעמפפער [באקסער].

fis'ticuffing *n.* (פיס'-טי-קאפ-אינג) פויסטען=קאמפף [באקס].

fis'ticuffs *n.* (פיס'-טי-קאפס) א פויסטען=קאמפף; פויסטען=קלעפ.

fis'tinut *n.* (פיס'-טי-נאט) פיסטאשקעם [אזא זארט ניסלעך].

fistu'ca *n.* (פיס-טיו'-קא) א באבא [א שטיק אייזען, מיט וועלכען מען שלאגט אריין קלעצער אין דער ערד].

fis'tula *n.* (פיס'-טשו-לא) א פיסטעל [א קאנאל=פערמיגע עפענונג פון א געשוויר].

fis'tular *a.* (פיס'-טשו-לאר) ז. *fistulous*.

fis'tulate *v.* and *a.* (פיס'-טשו-לייט) אננעהמען די פארם פון א פיסטעל; אויסגעהוילט ווי א רעהר. ז. *fistula*.

fis'tulose *a.* (פיס'-טשו-לאוס) ז. *fistulous*.

fis'tulous *a.* (פיס'-טשו-לאס) אויסגעהוילט ווי א רעהר; עהנליך צו א פיסטעל. ז. *fistula*.

fist'wise *a.* (פיסט'-הוואיז) פויסט=פערמיג.

fit *n.*, *v.* and *a.* (פיט) צופאסונג; דאס פאסען; אויסשטאטונג; אן אנפאל פון עפילעפסיע; ספאזמען; א פלעצליכער צייטווייליגער אנפאל פון א קראנקהייט; א פאראקסיזם; א פלעצליכער, שנעל=איבערגעהענדער אויסברוך פון א געפיהל אדער שטימונג [מעהרסטענטייל א זעהר שטארקער אויסברוך]; א האפריז; א

קאפּריזנע, אונטערבראָכענע אָדער ניט רעגעלמעסיגע טהעטיגקייט אָדער בעוועגונג; דער טייל פון דער אַקס, אויף וועלכער עס דרעהט זיך די ראָד; זייף אין אַ פליסיגען צושטאַנד [איידער זי ווערט אָבגעקיהלט]; אַ ליעד, אַ באַלאַדע, אַ געשיכטע; אַ טייל פון אַ ליעד, באַלאַדע אָדער געשיכטע; אַ שריט; צופּאַסען; מאַכען עס זאָל פּאַסען; אויסשטאַטען, צוגרייטען, בעזאָרגען מיט אַלעם נויטיגען [ווי למשל, פאַר אַ רייזע]; זיין צוגעפּאַסט; פּאַסען; זיין ווי אַנגעמאָסטען; צוגעפּאַסט, פּאַסיג; צוגעגרייט, פאַרטיג; וואָס געפינט זיך אין אַ גוטען צושטאַנד, גוט פאַרבערייטעט [וועגען וועט-לויף-פערד]; אין אַ גוטען געזונדס-צושטאַנד.

fitch *n. and v.* (פיטש) וויקע [אַ מין אַרבעס געברויכט צו האָדעווען בהמות]; טכוירען-פוטער; אַ בערשטעל אָדער פּינזעל געמאַכט פון טכוירען-האָר; צופּעסטיגען.

fitch′-brush *n.* (פיטש′-בראַש) אַ בערשטעל אָדער פּינזעל געמאַכט פון טכוירען-האָר.

fitch′et *n.* (פיטש′-עט) ז. *fitchew*

fitch′ew *n.* (פיטש′-או) אַ טכויר, אַ שעשקע.

fitch′y *a.* (פיטש′-אי) שפּיציג; בעדעקט מיט וויקע [אַזאַ אַרבעס].

fit for (פיט פאָר) 1. זיך פּאַסען; 2. טויגען.

1. The dinner is fit for a king. 2. He is not fit for the work.

fit for ac′tion (פיט פאָר עק′-שאַן) פּאַסיג אָדער פעהיג צו דער אַרבייט; פאַרטיג אָדער אויסגעשטאַטעט פאַר אַ טהעטיגקייט.

fit for ser′vice (פיט פאַר סויר′-וויס) דיענסט-פעהיג.

fit for the dust′-hole (פיט פאַר טהי דאַסט′-האָול) טויג צו גאָרניט; שמוציג.

fit′ful *a.* (פיט′-פול) אונרעגעלמעסיג, וואָס קומט פאָר מיט אונטערברעכונגען, אונבעשטענדיג, קאַפּריזנע.

fit′fully *adv.* (פיט′-פול-אי) מיט אונטערברעכונגען; אויף אַן אונרעגעלמעסיגען, אונבעשטענדיגען אָדער קאַפּריזנעם שטייגער.

fit′fulness *n.* (פיט′-פול-נעס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאַפּריזנעקייט.

fit in′to (פיט אינ′-טו) זיך צופּאַסען, זיך אַריינפּאַסען, האַרמאָנירען.

fit′ly *a.* (פיט′-לי) פּאַסענד, צוגעפּאַסט; ווי עס פּאַסט; בעקוועם.

fit′ment *n.* (פיט′-מענט) אויסשטאַטונג, דאָס בעזאָרגען מיט אַלעם נויטיגען [ווי למשל, צו אַ רייזע]; דאָס וואָס עס פּאַסט זיך אָדער וואָס איז נויטיג פאַר אַ געוויסען צוועק.

fit′ness *n.* (פיט′-נעס) פּאַסיגקייט, צוגעפּאַסטקייט, אַנגעמאָסטענקייט, צוזאַמענפּאַסיגקייט.

fit of the face (פיט אָוו טהי פייס) אַ גרימאַסע.

fit one′s self (פיט הוואַנז סעלף) זיך צוגרייטען, זיך פאַרטיג מאַכען.

fit out (פיט אוט) אויסשטאַטען, פאַרטיג מאַכען, בעזאָרגען מיט אַלעם נויטיגען [ווי למשל, צו אַ רייזע].

fits and starts (פיטס ענד סטאַרטס) אונרעגעלמעסיגקייט, אונבעשטענדיגקייט, קאַפּריזנעקייט; דאָס אָבשטעלען זיך אַלע מאָל, דאָס ווערען אונטערבראָכען יעדע ווייַלע.

fits of laugh′ter (פיטס אָוו לאַפּ′-טער) שטאַרקער געלעכטער.

fits of the sea′son (פיטס אָוו טהי סיע′זן) פּלעצליכע ענדערונגען פון וועטער.

fit′ted *a.* (פיט′-עד) פּאַסענד, צוגעפּאַסט, וואָס טויג.

fit′tedness *n.* (פיט′-עד-נעס) טויגליכקייט, צוגעפּאַסטקייט.

fit′ter *n.* (פיט′-ער) איינער וואָס פּאַסט צו, פאַרטיגט צו אָדער שטאַטעט אויס; איינער וואָס שטעלט צוזאַמען די טיילען פון אַ מאַשין; איינער וואָס מאַכט אָדער פאַרריכט פערשיעדענע אויסשטאַטונגען אָדער אויסריכטונגען; אַן אַנפּאַסער.

fit′ting *n. and a.* (פיט′-אינג) אויסשטאַטונג אָדער אויסריכטונג; פּאַסיג, פּאַסענד, טויגליך.

fit′tingly *adv.* (פיט′-אינג-לי) אויף אַ פּאַסיגען, צוגעפּאַסטען אָדער טויגליכען שטייגער.

fit′tingness *n.* (פיט′-אינג-נעס) פּאַסיגקייט, צוגעפּאַסטקייט, טויגליכקייט.

fit′tings *n.* (פיט′-אינגז) אויסריכטונגען, אויסשטאַטונגען.

fit′ting-shop *n.* (פיט′-אינג-שאַפּ) אַ ווערקשטאַט, וואו מען שטעלט צוזאַמען מאַשינען.

fit up (פיט אַפּ) אויסריכטען, אויסשטאַטען מיט אַלעם נויטיגען; בעזאָרגען אַ שיף מיט דער נויטיגער צאָהל מאַטראָזען און דיענער.

fit′weed *n.* (פיט′-הוויעד) אַ מין גראָז-פּלאַנצע אויף די וועסט-אינדישע אינזלען [ווערט געברויכט אַלס מיטעל צו היסטעריקע].

five *a. and n.* (פאַיוו) פינף; אַ פינפער, אַ פינפטעל [אין קאָרטען].

five′finger *n.* (פאַיוו′-פינ-גער) די פינגער-קרויט [אַ מין פּלאַנצע מיט פינף-עקיגע בלעטער].

five′fingers *n.* (פאַיוו′-פינ-גערז) אַזאַ שטערען-פיש; פינף קאָזירען אין געוויסע קאָרטען-שפּיעלען.

five′-fin′ger-tied *a.* (פאַיוו′-פינ′-גער-טאַיד) פערכאַפּט מיט דער גאַנצער לאַפּע, מיט אַלע פינף פינגער.

five′fold *a.* (פאַיוו′-פאָולד) פינפפאַך, פינף מאָל אַזוי פיעל.

five′pence *n.* (פאַיוו′-פענס) פינף ענגלישע פּענים [אונגעפעהר 10 אַמעריקאַנישע סענט].

fives *n.* (פאַיווז) אַן אָרט שפּיעל אין פּילקעס; ווערטה-פּאַפּיערען, וועלכע ברייננגען פינף פּראָצענט; די פינף פינגער; די האַנד; דער קולאַק; פינפטעלך [אין קאָרטען].

five sen′ses (פאַיוו סענ′-סעז) די פינף חושים [דאָס זעהן, דאָס הערען, דאָס שמעקען, דאָס טאַפּען און דער געשמאַק].

five′-square *a.* (פאַיוו′-סקהוועהר) וואָס האָט פינף ווינקלען.

five wits (פאַיוו הוויטס) ז. *five senses*

fix *v. and n.* (פיקס) בעפעסטיגען, פעסטזעצען, פערשטאַרקען; לעגען אויף עפּעס די אויפמערקזאַמקייט, אַנשטעלען די אויגען; אָבשטעלען זיך אויף עפּעס; פעסטשטעלען אַ זאַך; מאַכען האַרט, פערוואַנדלען אַ פליסיגקייט אין אַ סאָלידען קערפּער; פערקערפּערען, צוגעבען אַ קאָנקרעטע פאָרם; בעשליסען; מאַכען פאַר געוויס; בעגרענעצען, בעצייכנען מיט געוויסע גרענעצען; רעגולירען, שטעלען אין אַ געוויסער אָרדנונג; צופּאַסען, מאַכען גינסטיג; זיך אָבשטעלען; ווערען פעסט אָדער סאָליד; אַ קריטישע לאַגע; אַ שוועריגקייט, אַ דילעמאַ.

fix′able *a.* (פיקס′-עבל) וואָס קען פעסטגעזעצט אָדער בעפעסטיגט ווערען.

fixa′tion *n.* (פיק-סיי′-שאַן) די פעסטזעצונג; דאָס געדיכט מאַכען; דאָס ווערען האַרט אָדער סאָליד; בעשטענדיגקייט, שטייפקייט.

fix′ative *a.* (פיקס′-ע-טיוו) וואָס דיענט צו מאַכען פעסט, געזעצט אָדער סאָליד.

fix′ature *n.* (פיקס′-ע-טשור) פיקסאַטואַר, אַ פּאָמאַדע, מיט וועלכער מען בעשמירט די האָר, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען אין דעם צושטאַנד ווי מען האָט זיי פערקעמט.

fixed *a.* (פיקסט) פעסט; בעשטימט; געזעצט; פעסטגעשטעלט; בעשטענדיג; וואָס געפינט זיך אין אַ פעסט-בעשטימטער לאַגע; אין זאָאָלאָגיע — וואָס קען זיך ניט פרייוויליג בעוועגען, וואָס איז איינגעוואָרצעלט אָדער צוגעקלעפּט צו אַ בעשטימטען אָרט; אין קאָמערץ — וואָס דאַרף בעצאָהלט ווערען אין אַ בעשטימטען טערמין אָהן הנחות [וועגען וועקסלען].

fixed air (פיקסט עהר) אַ גאַז וואָס בעשטעהט פון קויהלען-זויערע.

fixed fact (פיקסט פעקט) אַ פּאָזיטיווער אָדער פעסטגעשטעלטער פּאַקט.

fixed ide′a (פיקסט אי-די′-אַ) מאָנאָמאַניע אָדער אידעע-פיקס [אַ מין גייסטיגע קראַנקהייט, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואָס אַ געוויסע אידעע אָדער פאָרשטעלונג בעהערשט אין גאַנצען דעם מענשען, אַזוי, אַז וועגען קיין אַנדער זאַך קען ער ניט דענקען און קיין אַנדער זאַך קען ער זיך ניט פאָרשטעלען].

fix′edly *adv.* (פיק′-סעד-לי) אויף אַ בעשטימטען אָדער פעסטגעשטעלטען שטייגער; שטייף, פעסט.

fix′edness *n.* (פיק′-סעד-נעס) פעסטקייט, בעשטענדיגקייט; פעסטגעזעצטקייט.

fixed oils (פיקסט אוילז) פעטע אוילען [יעדער אויל וואָס לאָזט איבער נאָך זיך אַ פלעק, צום אונטערשייד פון עטהער-אוילען].

fixed pe′riods (פיקסט פּי′-רי-אַדז) בעשטימטע צייטען, עפּאָכען.

fixed pric′es (פיקסט פּראַיס′-עז) בעשטימטע מקחים.

fixed star *n.* (פיקסט סטאַר) אַן אונבעוועגליכער שטערען [איינע פון די לייכטענדע הימלישע קערפּער, וועלכע זיינען ניט קיין פּלאַנעטען און ניט קיין קאָמעטען].

fix′ing *n.* (פיק′-סינג) דאָס פעסטשטעלען; דאָס בעשטימען; דאָס מאַכען שטייף אָדער סאָליד; דאָס בעפעסטיגען, דאָס פערשטאַרקען; דאָס שטעלען אין אָרדנונג; אין פאָטאָגראַפיע — דאָס שטעלען אַ בילד אַזוי, אַז אויף איהם זאָלען די ליכט-שטראַהלען מעהר ניט ווירקען.

fix′ings *n.* (פיק′-סינגז) זאַכען, וועלכע מען דאַרף פאַנאַנדערשטעלען אָדער צוזאַמענלעגען אין אַ געוויסער אָרדנונג.

fix′ity *n.* (פיק′-סי-טי) בעשטענדיגקייט; געדיכטקייט; פעסטגעזעצטקייט, די שטאַרקייט פון כאַראַקטער; אין פיזיק — די לאַגע אָדער די אייגענשאַפט פון אַ קערפּער, צוליעב וועלכער ער קען זיך ניט אומבייטען אונטער דער ווירקונג פון היץ אָדער אַנדערע אורזאַכען.

fix on (פיקס אָן) לעגען די אויפמערקזאַמקייט אויף עפּעס; אָבשטעלען זיך אויף

NATIONAL FLAGS

נאַציאָנאַלע פלאגען

עפעס; בעשטימען אדער זיך בעשליסען אויף עפעס.

fix one's eyes on (פיקס הוואנז איז און) אנשטעלען די אויגען אויף עפעס; שארף אנקוקען.

fix out (פיקס אוט) אויסריכטען; אויסשטאטען; צורעכט מאכען; בעפוצען; פערציערען.

fix'ture *n.* (פיקס'-טשור) פעסטע אויסשטאטונגען אדער איינריכטונגען [ווי פאליצעס און א פערקויף=טיש אין א קראם]; א פערזאן אדער זאך וואס שטעהט פעסט אין א בעשטימטער לאגע; איינער אדער עפעס וואס ווייזט אויס אונבעוועגליך.

fix up (פיקס אפ) צורעכט מאכען; בעציערען; בעפוצען.

fix upon' (פיקס א-פאן') ז. *fix on*

fiz *v. and n.* (פיז) ז. *fizz*

fiz'gig *n.* (פיז'-גיג) א מין קנאקעדיג פייערווערק; א לייכטזיניג, ארומטרייבענד מיידעל אדער פרויענצימער.

fizz *v. and n.* (פיז) שיפען, צישען, מאכען ששש...; ברויזען: דאס שיפען, דאס צישען; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק, ווי סאדא=וואסער, לימאנאד, שאמפאניער א. ד. ג.

fiz'zle *v. and n.* (פיזל) שיפען, צישען; ברויזען [ווי סאדא=וואסער, לימאנאד א. ד. ג.]; פלוצים שטעהן בלייבען נאך אן אויסגעצייכענטען אנפאנג [ווענען א שילער ביים ענטפערען די שול=אויפגאבען אדער ביים עקזאמען]; דורכפאלען ביים עקזאמען אדער ביים ענטפערען די שול=אויפגאבען; גרעפסען; דורכווארפען ביים עקזאמען; א ברויזענדער אדער שוימענדער געטראנק, ווי סאדא=וואסער, לימאנאד, שאמפאניער א. ד. ג.; אן אונרוהיגער צושטאנד, אויפרעגונג; א גרעפס; א דורכפאל ביים עקזאמען אדער ביים ענטפערען די שול=אויפגאבען.

fjord *n.* (פיארד) ז. *fiord*

flab'bergast *v.* (פלעב'-ער-געסט) ערשטוינען; צוטומלען דורך איבערראשונג; צומישען.

flabbergasta'tion *n.* (פלעב-ער-געס-טיי'-שאן) איבערראשונג, ערשטוינונג; דאס מבולבל ווערען.

flab'bily *adv.* (פלעב'-אי-לי) אויף א שלאפען, לויזען אדער שוואכען אופן; אויף א צוקראכענעם אופן.

flab'biness *n.* (פלעב'-אי-נעס) שלאפקייט, שוואכקייט; לויזקייט, ווייכקייט; צוקראכענהייט.

flab'by *a.* (פלעב'-אי) שלאף, שוואך, ווייך, לויז; צוקראכען.

flabel'late *a.* (פלע-בעל'-אייט) פעכערארטיג, וואס האט די פארם פון א פעכער [ווענען געוויסע פלאנצען].

flabel'lum *n.* (פלע-בעל'-אם) אזא פעכער אין די גריכישע און ארמענישע קירכען אוועקצוטרייבען פליגען פון דעם הייליגען ברויט און וויין אין דער צייט פון הייליגען אבענדמאהל.

flac'cid *a.* (פלעק'-סיד) שלאף, ווייך, לויז, צוקראכען.

flaccid'ity *n.* (פלעק-סיד'-אי-טי) שלאפקייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט; אזא קראנקהייט פון זייד=ווערים.

flac'cidly *adv.* (פלעק'-סיד-לי) אויף א שלאפען, ווייכען, לויזען אדער צוקראכענעם אופן.

flac'cidness *n.* (פלעק'-סיד-נעס) שלאפקייט, ווייכקייט, לויזקייט, צוקראכענהייט.

flag *n. and v.* (פלעג) א פאהן, א פלאג; א פלאכער שטיין וואס ווערט בענוצט צום ברוקירען; די שווערד=ליליע [אזא פלאנצע מיט שווערד=פערמיגע בלעטער]; אויפהענגען א פאהן, בעפוצען מיט א פאהן; געבען א סיגנאל מיט א פאהן; שלאף אראבהענגען; ווערען שלאף אדער שוואך; ווערען מוטלאז; ווערען אבגעלאזען; אויסברוקירען מיט פלאכע שטיינער.

flag'-bear'er *n.* (פלעג'-בעהר'-ער) א פאהנען=טרעגער.

flag'-cap'tain *n.* (פלעג'-קעפ'-טיין) דער קאפיטאן פון אן ארמיראל=שיף אדער קאמאנדא=שיף.

flag'ellant *a. and n.* (פלעדזש'-ע-לענט) וואס בענוצט א בייטש; וואס איז צוגעפאסט צום שמייסען; איינער וואס פייניגט זיך צוליעב פרומקייט; א מיטגליעד פון א געוויסער רעליגיעזער סעקטע אין איטאליען, וועלכע האט זיך געגרינדעט אונגעפעהר אין יאהר 1260. די מיטגליעדער פון דיעזער סעקטע פלעגען זיך לאזען עפענטליך שמייסען אויף'ן נאקעטען קערפער ביז בלוט פלעגט רינען [דיעזע סעקטע האט זיך שפעטער געהאט פערשפרייט אין מעהרערע אייראפעאישע לענדער].

flagel'lar *a.* (פלע-דזשעל'-אר) וואס איז שייך צו די בייטשען=פערמיגע פיהל=הערנער פון געוויסע אינזעקטען.

flag'ellate *v. and a.* (פלעדזש'-ע-לייט) שמייסען; עהנליך צו א בייטש, בייטש=פערמיג [ווי די פיהל=הערנער פון געוויסע אינזעקטען אדער אינפוזאריען]; וואס האט א בייטש=פערמיגען אנוואוקס [ווי געוויסע אינזעקטען].

flagella'tion *n.* (פלעדזש-ע-ליי'-שאן) דאס שמייסען.

flag'ellator *n.* (פלעדזש'-ע-ליי-טאר) איינער וואס שמייסט, א שמייסער.

flagellif'erous *a.* (פלעדזש-ע-ליפ'-ע-ראס) וואס האט אן אויסוואוקס ווי א בייטש [ווענען אינפוזאריען, באקטעריען אדער פלאנצען].

flagel'liform *a.* (פלע-דזשעל'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו א בייטש; וואס איז לאנג, דין און בויגזאם [ווי א בייטש].

flagel'lum *n.* (פלע-דזשעל'-אם) א בייטש; אן אויסוואוקס פון א פלאנצע וואס איז עהנליך צו א בייטש; א בייטש=עהנליכער צוואוואוקס ביי אינפוזאריען אדער באקטעריען; א בייטש=פערמיגער פיהל=הארן פון אן אינזעקט.

flage'olet *n.* (פלעדזש'-א-לעט) אזא פלייט.

flag'-feath'er *n.* (פלעג'-פעטה'-ער) די פעדער פון א פויגעל'ס פליגעל, וועלכע איז נאהענט צום עק.

flag'giness *n.* (פלעג'-אי-נעס) שלאפקייט, שוואכקייט, צוקראכענהייט.

flag'ging *a. and n.* (פלעג'-אינג) שוואך, שלאף, צוקראכען; דאס ברוקירען מיט פלאכע שטיינער; פלאכע ברוקיר=שטיינער.

flag'gingly *adv.* (פלעג'-אינג-לי) אויף א שלאפען, אבגעלאזענעם אדער צוקראכענעם אופן.

flag'gy *a.* (פלעג'-אי) ווי א פאהן; אויסגעשפרייט; פול מיט שווערד=ליליען [אזא פלאנצע מיט שווערד=עהנליכע בלעטער]; וואס איז עהנליך צו פלאכע ברוק=שטיינער.

flagi'tious *a.* (פלע-דזשיש'-אס) שענדליך, סקאנדאלעז, פערברעכעריש, נידערטרעכטיג; שולדיג אין א סקאנדאלעזען פערברעכען.

flagi'tiously *adv.* (פלע-דזשיש'-אס-לי) אויף א שענדליכען, סקאנדאלעזען אופן.

flagi'tiousness *n.* (פלע-דזשיש'-אס-נעס) שענדליכקייט, נידערטרעכטיגקייט.

flag'-lieuten'ant *n.* (פלעג'-ליו-טענ'-ענט) דער פליגעל=אדיוטאנט פון אן אדמיראל.

flag'man *n.* (פלעג'-מען) דער סיגנאליסט אויף אן אייזענבאהן=וועג [דער וואס גיט די סיגנאלען מיט א פאהן].

flag of defi'ance (פלעג אוו די-פאי'-ענס) די רויטע פאהן ארויסצורופען צום קאמפף.

flag of distress' (פלעג אוו דיס-טרעס') א פאהן וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס צייכען פון געפאהר, אונגליק אדער טרויער.

flag'-of'ficer *n.* (פלעג'-אפ'-אי-סער) א העכערער אפיציער אויף א שיף, ווי אן אדמיראל, וויצע=אדמיראל א. ד. ג.

flag of protec'tion (פלעג אוו פרא-טעק'-שאן) א שוץ=פאהן [א ווייסע פאהן אין דער צייט פון קריעג, אלס א צייכען פון פריעדען, אדער א געלבע פאהן אויף א שיף אלס א צייכען אז עס געפינען זיך אויף איהר פאסאזשירען מיט אנשטעקענדע קראנקהייטען].

flag of truce (פלעג אוו טרוהס) די פארלאמענטער אדער פרידענס=פאהן [א ווייסע פאהן, וואס עס טראגט מיט זיך א געשיקטער פון איין קריעגס=פיהרענדער ארמעע צו דער אנדערער, אלס א צייכען, דאס ער קומט ווענען א פריעדענס=פערהאנדלונג].

flag'on *n.* (פלעג'-אן) א פלאש; א קאראפין.

fla'grancy *n.* (פליי'-גרענ-סי) שענדליכקייט; א שרייענדע נידערטרעכטיגקייט אדער פערברעכען.

fla'grant *a.* (פליי'-גרענט) סקאנדאלעז, הימעל=שרייענד [ווענען א פערברעכען]; אייפריג, העפטיג; וויטהענד, אין רעכטען פייער.

flagran'te delic'to (פליי-גרענ'-טי די-ליק'-טאו) אין דעם מאמענט ווען דאס פערברעכען איז בעגאנגען געווארען [געכאפט ביי דער האנד].

fla'grantly *adv.* (פליי'-גרענט-לי) אויף א סקאנדאלעזען, הימעל=שרייענדען אופן.

fla'grantness *n.* (פליי'-גרענט-נעס) ז. *flagrancy*

flag'-ship *n.* (פלעג'-שיפ) פלאג=שיף, אדמיראל=שיף, קאמאנדא=שיף.

flag'staff *n.* (פלעג'-סטעף) דער פלאגשטאק [דער שטאק אדער שטאנג צו וועלכען די פאהן איז בעפעסטיגט].

flag'-sta'tion *n.* (פלעג'-סטיי'-שאן) אן אייזענבאהן=סטאציאן, וואו די באהן שטעלט זיך אב נור ווען עס ווערט געגעבען א סיגנאל פון דער סטאציאן.

flag'stone *n.* (פלעג'-סטאון) א פלאכער, ארומגעהאקטער שטיין צום ברוקירען.

flag'worm *n.* (פלעג'-הווארם) אזא ערד=ווארים.

flail *n.* (פלייל) א דרעש=שלעגעל [אן אינסטרומענט אויסצודרעשען די קערנער פון די זאנגען]; דרעשען מיט א שלעגעל.

flair *n.* (פלעהר) א חוש הריח.

flake *n. and v.* (פלייק) א שטיקעלע; א שנעעלע [א שטיקעלע שנעע וואס פאלט]; אן איבערשפרייטונג, א שיכט; א פלאטפארמע, אויף וועלכער מען טריקענט געזאלצענע פיש; די צוויי=פארביגע נעלקע [אזא פלאנצע]: איינע פון די רינגען פון א צונויפגעלעגטען שטריק אדער

קאנאט אויף א שיף; אבשיילען; אבבלעטערען; זיך בעדעקען מיט דינע שיכטען איינע אויף די אנדערע; זיך אויסלעגען אין רינגען [ווי אן אויסגעלעגטער שטריק אויף א שיף].

flake off (פלייק אף) זיך אבבלעטערען.

flake′-white *n.* (פלייק′-הוואיט) בלייווייס [די ריינסטע ווייסע בליי אין דער פארם פון דינע פלאטען].

fla′king *n.* (פליי′-קינג) דאס אבקלאפען פון קרעמענעס [אזא הארטער שטיין] דינע שיכטען.

fla′king-ham′mer *n.* (פליי′-קינג-העמ′-ער) א האמער, מיט וועלכען מען קלאפט אב פון א קרעמען דינע שיכטען.

fla′ky *a.* (פליי′-קי) וואס בעשטעהט פון שטיקלעך; וואס בעשטעהט פון בלעטער אדער שיכטען; וואס איז אויסגעלעגט שיכטענווייז.

flam *n. and v.* (פלעם) א בבא=מעשה; א פוסטע זאך; א ליגען; אבנארען מיט נארישע מעשיות; אמוזירען מיט בבא=מעשיות.

flam′beau *n.* (פלעמ′-באו) א פאקעל; א לייכטער פון בראנזע אדער אנדערע מעטאלען געמאכט זעהר ארטיסטיש; איינע פון א רייה קעסלען אין א צוקער=פאבריק.

flamboy′ant *a. and n.* (פלעמ-באי′-ענט) באמבאסטיש; אויפגעבלאזען; מליצה′דיג; מיט קלינגענדע פראזען; אויפגעפלאמט; ברענענדיג אין פלאמען; וועלענארטיג, אין דער פארם פון וועלען אדער כוואליעס; אין ארכיטעקטור — פלאמארטיג [וועגען פערציערונגען אויף געביידען פון גאטישען סטיל]; געוויסע וועסט=אינדישע פלאנצען מיט העל=רויטע בלומען.

Flamboyant

flame *n. and v.* (פליים) א פלאם, פייער גלוטה; הייסע ליעבע; היציגקייט; כעס, צארן; פלאמען, ברענען, פלאקערען; גליהען; צוהיצען זיך.

flame′-col′or *n.* (פליים′-קאל′-אר) פלאמען=קאליר [א העלער, רויטליך=אראנזשען=קאליר]. ז. איל. *"Colors"*

flame′-col′ored *a.* (פליים′-קאל′-ארד) מיט א פלאמען=קאליר [פון א העלען רויטליך=אראנזשען=קאליר].

flame′less *a.* (פליימ′-לעס) אהן א פלאם.

flame′let *n.* (פליימ′-לעט) א קליין פלעמעלע.

fla′men *n.* (פליי′-מען) א פלאמין, איינער פון די פריסטער אדער כהנים אין אלטען רוים, וועלכע פלעגען בעדיענען נור איין גאט [די וויכטיגסטע פון די פלאמינען זיינען געווען די כהנים פון יופיטער און פון מארס].

fla′menship *n.* (פליי′-מען-שיפ) דאס אמט אדער טיטעל פון א פלאמין.
ז. *flamen*

fla′mers *n.* (פליי′-מערז) א מין שוועבעלעך, צינדהעלצלעך.

flame up (פליים אפ) אויפפלאמען, אויפפלאקערען; אנצינדען זיך מיט א געוויסער תאוה אדער ליידענשאפט.

fla′ming *a.* (פליי′-מינג) פון א פלאמען=קאליר; פלאמען=ארטיג אדער וועלען=ארטיג; וואס האט די נייגונג אויפצופלאקערען אדער אויפצורעגען זיך.

fla′mingly *adv.* (פליי′-מינג-לי) אויף א ברענענדען, פלאמענדען אדער גלענצענדען אופן.

flamin′go *n.* (פליי-מינ′-גאו) די פלאמינגא [א רויטליכער וואסער=פויגעל מיט לאנגע פיס, מיט א לאנגען האלז און מיט א גרויסען אויסגעבויגענעם שנאבעל].

Flamingo

fla′my *a.* (פליי′-מי) פלאמיג, גליהענד.

flanch *n.* (פלענטש) ז. *flange*

flâneur′ *n.* (פלע-נויר′) א פוילענצער, א פוסטעפאסניק.

flange *n. and v.* (פלענדזש) אן ארויסגעשטארצטער אדער אבגעבויגענער ראנד [ווי די ראנדען פון צוויי גוס=אייזערנע רעהרען, וועלכע שליסען זיך צוזאמען]; אן אייזערנער רינג, וועלכער שטעלט זיך אריין אין אן אויסגעבויערטען לאך, כדי די ווענטלעך פון דעם לאך זאלען זיך ניט אויסרייבען; א דעקעל אויף א רעהר אדער צילינדער צו פערדעקען איהם; ארויסשטארצען; אננעהמען די פארם פון אן אויסגעבויגענעם ראנד; אריינשטעלען א רינג אין אן אויסגעבויערטען לאך.

flank *n. and v.* (פלענק) א זייט, די פלאנקען; אין מיליטער — דער פלאנג אדער די אטריאדען פון אן ארמעע, וואס שטעהען ביי די זייטען; אין בעפעסטיגונגס=ווערק — די פלאנגען אדער זייט=וואלען פון א באסטיאן; בעשיצען אדער פערדעקען פון פלאנג אדער פון דער זייט; אנפאלען פון פלאנג; שטעהן אן א זייט.

flank′-attack′ *n.* (פלענק′-ע-טעק′) אן אטאקע אדער אנפאל אויף׳ן שונא פון דער זייט.

flan′ker *n.* (פלענ′-קער) א פלאנג; די פלאנג=אטריאדען פון אן ארמעע; א זייט=פעסטונג.

flan′nel *n. and a.* (פלענ′-על) פלאנעל [אזא וייכער, וואלענער שטאף]; געמאכט פון פלאנעל.

flan′ning *n.* (פלענ′-אינג) אין ארכיטעקטור — די אויסשרעגונג פון פענסטער [דאס בויען די פענסטער אזוי, אז די ביישטידלעך זאלען זיין שרעג, כדי דער חלל פון פענסטער זאל פון אינעווייניג זיין ברייטער איידער פון דרויסען].

flap *n. and v.* (פלעפ) א לייכטער קלאפ; א פאלע [פון א בגד]; דאס אויער=לעפעל [תנוך האזון]; א לאץ; א פאט [פון א קעשענע]; דאס אויערעל פון א שוך; א קלאפע וואס ווערט בענוצט צו פערהאלטען א שטראם וואסער אום ניט אריינצולאזען עס אין רינע; אין כירורגיע — א שטיקעל אבגעשונדענע הויט אדער פלייש, וואס הענגט אראב; קלאפען; פאטשען; פלאטערען; בעוועגען זיך הין און צוריק; אראבהענגען; בעוועגען אדער פאטשען מיט די פליגלען; צומאכען א פאלע צו עפעס.

flap′doodle *n.* (פלעפ′-דוהדל) נאקענשפייז, די שפייז מיט וועלכער נאראנים ערנעהרען זיך; דומהייטען, שטות, נארישקייטען.

flap′-door *n.* (פלעפ′-דאור) א טהיר וואס עפענט זיך פון אינעווייניג און פון דרויסען.

flap down (פלעפ דאון) אומווארפען, שטירצען.

flap′dragon *n. and v.* (פלעפ′-דרעג-אן) א שפיעל, אין וועלכען מען כאפט ארויס פון ברענענדען שנאפס אדער ספיריטוס פלוימען, ראזשינקעס א. ד. ג. און מען שלינגט זיי איין; ראזשינקעס, פלוימען א. ד. ג. וואס ליעגען אין ברענענדען ספיריטוס; פערשלינגען מיט איין מאל.

flap′-eared *a.* (פלעפ′-איערד) וואס האט הענגענדע אויערען.

flap′jack *n.* (פלעפ′-דזשעק) א פאן=קוכען; א לאטקע.

flap′-mouthed *a.* (פלעפ′-מאוטהט) מיט אראבהענגענדע ליפען [ווי א הונד].

flap′per *n.* (פלעפ′-ער) א קלאפע; א יונג ווילד ענטעל; א דערמאהנער [איינער אדער עפעס וואס איז בעשטימט צוצוציהען די אויפמערקזאמקייט אדער צו דערמאהנען].

flap the mem′ory (פלעפ טהי מעמ′-א-רי) זיך געבען א קלאפ אין שטערען עטוואס זיך צו דערמאהנען.

flare *v. and n.* (פלעהר) שימערען; אויפפלאקערען; פערבלענדען מיט א פלוצליכען שיין; בלישטשען; גלימערען; פערברייטערען זיך ביי דער עפענונג [ווי דאס לאך פון א טרובע]; אויסברייטען זיך נאך אויסוועניג [ווי די זייטען פון א שיף]; שימערען פאר איינעמס אויגען, ארויסטרעטען מיט גדלות; די שימערונג, דאס בלישטשען; גדלות.

flare′-up *n.* (פלעהר′-אפ) א פלוצליכער פערבלענדענדער שיין; א פלוצליכער קריעג.

flar′ing *a.* (פלעהר′-אינג) שימערענד, פלאמענד, גלימערענד; וואס שטעלט זיך ארויס; וואס טרעט ארויס מיט גדלות.

flar′ingly *adv.* (פלעהר′-אינג-לי) אויף א שימערענדען שטייגער; דורך בעריהמעריי אדער גדל׳ענען זיך.

flash *v., n. and a.* (פלעש) א בליאסק טהאן; פלוצלונג אויפבליצען, אויפפלאקערען, אויפשיינען, אבגלאנצען אדער אויפגליהען; מאכען עפעס שנעל אויפפלאקערען, אויפגלאנצען, אויפבליצען אדער אויפגליהען; בליץ=שנעל ערשיינען, זיך נעהמען צו עפעס אדער דורכלויפען; שנעל עפעס שיקען; מאכען עפעס זאל אויסזעהן גלענצענד און אנציהענד; צוגעבען א פאלשען גלאנץ; שטרעבען זיך ארויסצוציינען בעסער אדער שעהנער ווי מען איז; איבערברענען גלאז צום צווייטען מאל כדי עס צו מאכען פארביג; פערוואנדלען א נאך

ניט פערהארטעוועטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; שפריצען [ווי כוואליעס]; קינסטליך אויפהויבען די הויך פון וואסער; קינסטליך פערפלייצען; א בליאסק; א פלוצלונגע אויפשטראהלונג, אויפבליצונג אדער אויפגליהונג; א קורצער, שטארקער, בליץ=ארטיגער אויסברוך [פון שארפזין, קאלירען=עפעקטען א. ד. ג.]; א קורצע ווײלע, א מאמענט; א געמיש פון געברענטען צוקער מיט אנדערע שטאפען צו פארבען בראנפען; א סאזשעגקע, א שליוזע, א שטארקער וואסער=שטראם; אהן טעם, אבגעשמאקט, אויסגעוועפט, וואולגאר=גלענצענד, וואולגאר=אויסשטעלעריש; בלענדענד, שרייענד [וועגען פארבען]; ערפאהרען, כיטרע, דורכגעטריבען; וואס איז שייך צו אדער וואס איז פערבונדען מיט גנבים, אויסוואורפען, גאסען=פרויען א. ד. ג.

flash'er *n.* (פלעש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס בליצט פלוצלונג אויף, גליהט אויף אדער פלאקערט אויף; איינער אדער עטוואס וואס מאכט עפעס שנעל און שטארק אויפגליהען, אויפבליצען, ערשיינען אדער אבגלאנצען; איינער וואס וויל ארויסצייגען מעהר שארפזין וויפיעל ער פערמאגט אין אמת'ען; א הייס קעסעל, אין וועלכען מען שפריצט ביסלעכווייז אריין וואסער וואס ווערט מאמענטאן פערוואנדעלט אין דאמפף.

flash'-house *n.* (פלעש'-האוס) א גנבים=הויז, א הויז וואו עס פערזאמלען זיך גנבים און גאסען=פרויען און וואו מען האלט גע'גנב'עטע זאכען.

flash'ily *adv.* (פלעש'-אי-לי) אויף א פינקלענדען, גלענצענדען שטייגער; מיט א פלעצליכער שטארקער אויפשטראהלונג אדער אויפבליהונג; אויבערפלעכליך [אין שארפזיניגקייט און דענקען]; מאכענדיג אן אנשטעל; שטרעבענדיג אויסצוזעהן בעסער אדער שעהנער ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.

flash'iness *n.* (פלעש'-אי-נעס) דאס זיין גלענצענד אדער אויפבליצענד; דאס מאכען אן אנשטעל; דאס אויסזעהן אדער שטרעבען אויסצוזעהן שעהנער און בעסער ווי אין אמת'ען; וואולגארער גלאנץ; ביליגע בעפוצונג.

flash'ing *n.* (פלעש'-אינג) ביי גלאז=ארבייט — דאס דערהיצען צום צווייטען מאל נאך ניט אין גאנצען פארטיגע גלעזערנע זאכען אום זיי צו מאכען גלאט; דאס פערוואנדלען אן אויסגעהוילטען גלעזערנעם קוגעל אין א דיסק; דאס מאכען גלאז פארביג; אין ארכיטעקטור — דאס בעפעסטיגען געוויסע טיילען פון דער געביידע [דארט וואו א וואנד קומט זיך צונויף מיט'ן דאך] מיט שטיקער צין, בליי אדער אנדערע מעטאלען; קינסטליכע מיטלען אבצופיהרען דאס וואסער פון א טייך.

flash'ing-board *n.* (פלעש'-אינג-באורד) א ברעט אדער א פארריכטונג צו פערגרעסערען די טיעפקייט אדער שטארקייט פון א שטראם דורך פערקלענערען זיין ברייט.

flash'ing-fur'nace *n.* (פלעש'-אינג-פויר'-נייס) אן אויווען אין גלאז=פאבריקען, אין וועלכען מען דערהיצט די גלעזערנע זאכען צום צווייטען מאל, אום זיי אויסצובעסערען אדער אום זיי צו פארבען.

flash'ing-point *n.* (פלעש'-אינג-פאינט) די טעמפעראטור, ביי וועלכער די פארע [פון דערהיצטע אוילען] פלאמט פלוצלונג אויף.

flash in the pan (פלעש אין טהי פען) אן עקספלאזיאן פון דעם פולווער אין א שיס=געוועהר, ביי וועלכער די קויל פליהט ניט ארויס; א ניט געלונגענער פערזוך; א גרויסארטיגער, רעש'דיגער פערזוך וואס ענדיגט זיך מיט גארניט.

flash lan'guage (פלעש לענ'-גהוועדזש) א גנבים=שפראך.

flash'-light *n.* (פלעש'-לאיט) בליץ=שיין; קורצע, העלע ליכט=אויפבליצונגען וואס דיענען אלס מיליטערישע סיגנאלען אדער וועלכע מען לאזט ארויס אויף לייכט=טורעמס; א קורצע העלע בליץ=ליכטיגקייט, וועלכע ווערט געמאכט צו פאטאגראפיען ביינאכט.

flash'man *n.* (פלעש'-מען) א לומפ [הויפטזעכליך אזעלכער וואס פערשטעלט זיך פאר אן אנשטענדיגען מענשען].

flash notes (פלעש נאוטס) געפעלשטע וועקסלען.

flash of light'ning (פלעש אוו לאיט'-נינג) א בליץ=שטראהל.

flash on (פלעש אן) קומען פלוצלונג אין זינען, פלוצלונג איינפאלען.

flash'-pipe *n.* (פלעש'-פאיפ) א גאז=רעהר מיט קליינע לעכלעך, מיט דער הילף פון וועלכער מען צינדט אן גאז=ברענערס.

flash'-point *n.* (פלעש'-פאינט) ז. *flashing-point*.

flash song (פלעש סאנג) א גאסען=ליעד.

flash'-test *n.* (פלעש'-טעסט) א פראבע צו בעשטימען די טעמפעראטור, ביי וועלכער קעראסין [פעטראלעאום] אדער אנדערע עהנליכע שטאפען פלאקערען אויף.

flash through (פלעש טהרוה) דורכבליצען, דורכפליהען.

flash'-torch *n.* (פלעש'-טאהרטש) א בליץ=פאקעל [א פארריכטונג צו מאכען א קינסטליכען בליץ אין די טעאטערע].

flash'-wheel *n.* (פלעש'-הוויעל) א ראד, מיט דער הילף פון וועלכער מען הויבט אויף די פלעכע פון דעם וואסער אין א טייך.

flash'y *a.* (פלעש'-אי) וואס פערבלענדעט בלויז אויף א ווײלע; שרייעריש=בלענדענד: ווי א בליץ, אונרעגעלמעסיג, קאפריזנע, אימפולסיוו, פייעריג, היציג.

flask *n.* (פלעסק) א פלעשעל [בעזאנדערס אזוינס, וואס האט א ספעציעלע פארם, ווי א פלאך קעשענע=פלעשעל, אן אייזערען פלעשעל, א קאראפין א. ד. ג.]; א פולווער=הארן.

flask'-shaped *a.* (פלעסק'-שייפט) וואס האט די פארם פון א רונדען פלעשעל.

flat *a.*, *adv.*, *n.* *and* *v.* (פלעט) פלאך, פלאטשיג; פראסט, שוואך [וועגען דעם צושטאנד פון אקציעס אויף דער בערזע]; מאט; שטיל, זאנפט, ווייך [וועגען א שטימע אדער קלאנג]; אין מוזיק — אונטערן טאן; אהן גלאנץ [וועגען פארב]; ניט אנציהענד, ניט אינטערעסאנט; געמיין; טעמפ; אהן געשמאק; ענטשיעדען, געוויס, קלאר ווי אויף דער האנד; לעבלאז; מוטלאז; אויף א פלאכען אופן; פלאכקייט, פלאטשיגקייט; אן עבענע, א פלאך לאנד; עטוואס פלאכעס אדער פלאטשיגעס; א דומער מענש, א דומקאפ, א שוטה; דער בעמאל [א צייכען אין מוזיק וועלכער דריקט ארונטער א האלבען טאן]; א פאמיליען=וואהנונג פון אייניגע צימערען אויף איין עטאזש; א הויז וואס ענטהאלט אזעלכע וואהנונגען; מאכען געשמאקלאז; אראבנעהמען דעם גלאנץ פון א פארב; אראבדריקען דעם טאן, מאכען נידריגער דעם טאן מיט א האלבער נאטע; אראבדריקען; מאכען פלאך; זינגען אויף א נידריגען טאן; ווערען פלאך; ווערען דום.

flat and plain (פלעט ענד פליין) גאנץ איינפאך.

flat'bill *n.* (פלעט'-ביל) דער פלאך=שנאבעל [אזא פויגעל מיט א פלאכען שנאבעל]; א פלאך=שנאבעלדיגער פויגעל.

flat'boat *n.* (פלעט'-באוט) א שיף אדער בארזשע מיט א פלאכען דעק צו פיהרען פראכט.

flat calm (פלעט קאהם) א טויט=שטיל וועטער.

flat chest (פלעט טשעסט) אן איינגעפאלענע ברוסט.

flat deni'al (פלעט די-נאי'-על) א פאלשטענדיגע אבלייקענונג.

flat fifth (פלעט פיפטה) — אין מוזיק די קווינטא מינאר.

flat'fish *n.* (פלעט'-פיש) דער פלאך=פיש [פלאטשיגער פיש, ווי א פלאנדערקע א. ד. ג.].

flat'foot *n.* (פלעט'-פוט) א פלאכער פוס [א פוס מיט א נידריגען זויל=געלענק].

flat'-foot'ed *a.* (פלעט'-פוט'-עד) וואס האט א פלאכען פוס [מיט א נידריגען געלענק]; פעסט, ענטשלאסען.

flat'head *a.* *and* *n.* (פלעט'-העד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפ [בעזאנדערס וועגען געוויסע אינדיאנער אין אמעריקא]; אזא שלאנג מיט א פלאכען קאפ.

flat'-head'ed *a.* (פלעט'-העד'-עד) וואס האט א פלאכען אדער פלאטשיגען קאפ.

flat'-house *n.* (פלעט'-האוס) א הויז וואו אויף יעדען עטאזש זיינען פאראן גאנצע פאמיליען=וואהנונגען.

flat'-i'ron *n.* (פלעט'-אי'-ערן) א פלעט=אייזען, א ביגעל=אייזען, א פרעס=אייזען.

flat lie (פלעט לאי) א פשוט'ער ליגען.

flat'lings *adv.* (פלעט'-לינגז) ענטשיעדען, פאזיטיוו.

flat'long *adv.* (פלעט'-לאנג) מיט דער פלאכער זייט.

flat'ly *adv.* (פלעט'-לי) אויף א פלאכען אדער פלאטשיגען אופן; אין א פלאכער לאגע, האריזאנטאל; ענטשיעדען, פאזיטיוו; ניט גייסטרייך, דום.

flat'ness *n.* (פלעט'-נעס) געשמאקלאזיגקייט; לעבענסלאזיגקייט; פלאכקייט, פלאטשיגקייט; טעמפקייט; טיעפקייט [פון א טאן].

flat'nose *a.* *and* *n.* (פלעט'-נאוז) וואס האט א פלאטשיגע נאז; איינער וואס האט א פלאטשיגע נאז.

flat'-nosed *a.* (פלעט'-נאוזד) מיט א פלאטשיגער נאז.

fore'skin *n.* (פאור'-סקין) די פארהויט, די ערלה.

fore'sleeve *n.* (פאור'-סליעוו) דער פאדערשטער טייל פון אן ארבעל [פון געלענק ביז'ן עלענבויגען].

forespur'rer *n.* (פאור-ספויר'-ער) איינער וואס רייט פארויס.

for'est *n., a. and v.* (פאר'-עסט) א וואלד; וואס איז שייך צו וואלד; בעדעקען מיט וואלד.

fore'-staff *n.* (פאור'-סטעף) אן אינסטרומענט וואס מען פלעגט אמאל געברויכען אויסצוגעפינען די הויך פון דער זון אדער פון די שטערען.

for'estage *n.* (פאר'-עס-טיידזש) אן אבצאהל פאר די אויפזעהער פון די קעניגליכע וועלדער [אין ענגלאנד]; די דיענסטע פון אן אויפזעהער פון קעניגליכע וועלדער.

for'estal *a.* (פאר'-עס-טעל) וואס איז שייך צו וואלד.

forestall' *v.* (פאור-סטאהל') פערכאפען פריהער, פערלויפען דעם וועג, אויסקויפען עפעס אויפ'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען נאכדעם העכערען דעם פרייז; פערשטעלען דעם וועג, איבערנעהמען אויפ'ן וועג.

forestall'er *n.* (פאור-סטאהל'-ער) איינער וואס פערכאפט פריהער, וואס פערלויפט דעם וועג אדער וואס קויפט אויס די גאנצע סחורה אויפ'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז.

forestall'ing *n.* (פאור-סטאהל'-אינג) דאס פערלויפען דעם וועג ביים אויפקויפען סחורה, דאס אויסקויפען די גאנצע סחורה, כדי צו קענען העכערען דעם פרייז; דאס אויסקויפען די סחורה אויפ'ן וועג צום מארק אדער פאר דער עפענונג פון מארק; דאס איינריידען די יעניגע וואס פיהרען סחורה צום מארק, אז זיי זאלען די סחורה אהין ניט פיהרען, אדער אז זיי זאלען דארט העכערען דעם פרייז.

fore'stay *n.* (פאור'-סטיי) א דיקער שטריק וואס האלט אונטער די פאדער־מאסט [אויף א שיף].

for'ester *n.* (פאר'-עס-טער) א וואלד־אויפזעהער; א וואלד־וועכטער; א וואלד־איינוואהנער, אן איינוואהנער פון א ווילדערניש; דער גיגאנט־קענגורו [אזא חיה]; אזא שמעטערלינג.

For'esters *n.* (פאר'-עס-טערז) א געוויסער ברידערליכער ארדען אין ענגלאנד און אמעריקא.

for'estership *n.* (פאר'-עס-טער-שיפ) דאס אמט פון א וואלד־אויפזעהער.

for'est-folk *n.* (פאר'-עסט-פאוק) וואלד־איינוואהנער [וועגען מענשען, חיות אדער וועגען די פערשיעדענע גייסטער וואס האלטען זיך, לויט דעם פאלק'ס גלויבען, אין די וועלדער].

fore'stick *n.* (פאור'-סטיק) די פאדערשטע האלץ־שייט וואס ברענט אין אן אויווען.

for'estine *a.* (פאר'-עס-טין) וואס איז שייך צו וואלד; וואס לעבט אדער וואקסט אין וואלד.

for'est-laws *n.* (פאר'-עסט-לאהז) געזעצע וועגען וועלדער, רעגולירונגען וועגען האקען וועלדער און וועגען יאגד אין די וועלדער.

for'estry *n.* (פאר'-עס-טרי) וואלד=וויסענשאפט; די אבצאהלונגען צו די אויפזעהער פון די קעניגליכע וועלדער [אין ענגלאנד].

for'est-tree *n.* (פאר'-עסט-טריע) א וואלד=בוים [אין געגענזאץ צו די קולטיווירטע פרוכט=ביימער].

fore'summer *n.* (פאור'-סאמ-ער) א פריהער זומער.

fore'taste *n.* (פאור'-טייסט) א פארגעשמאק; א פארגעפיהל.

foretaste' *v.* (פאור-טייסט') האבען א פארגעשמאק אדער פארגעפיהל; פערזוכען עפעס פריהער פון אן אנדערען.

foretas'ter *n.* (פאור-טייס'-טער) איינער וואס האט א פארגעשמאק ארער פארגעפיהל.

foretell' *v.* (פאור-טעל') פארויסזאגען, פראפעצייהען.

foretell'er *n.* (פאור-טעל'-ער) א פארויסזאגער, א פראפעצייהער, א נביא.

forethink' *v.* (פאור-טהינק') פארבעדענקען; פארבעטראכטען.

fore'thought *n.* (פאור'-טהאהט) פארבעדאכט, פארזיכטיגקייט, איבערלעגונג.

fore'time *n.* (פאור'-טאים) פריהעריגע צייט, אמאליגע צייט.

foreto'ken *v.* (פאור-טאו'קן) ז. *foreshadow*

fore'token *n.* (פאור'-טאוקן) ז. *foreshadow*

foretoke'ning *n.* (פאור-טאוק'-נינג) ז. *foreshadowing*

foretold' (פאור-טאולד') פארויסגעזאגט. ז. *foretell*

fore'-tooth *n.* (פאור'-טוהטה) א פארדערשטער=צאהן, א שנייד=צאהן.

fore'top *n.* (פאור'-טאפ) די האר אדער די לאקען וואס הענגען אריבער איבער'ן שטערען; די פלאטפארם אויף דעם פארדערשטען מאסט [אויף א שיף].

fore'topman *n.* (פאור'-טאפ-מען) א וועכטער אויף דעם פארדערשטען מאסט [אויף א קריעגס=שיף].

fore'topmast *n.* (פאור'-טאפ-מעסט) דער שפיץ פון דעם פארדערשטען מאסט איבער דער וואך=פלאטפארם.

forev'er *adv.* (פאר-עוו'-ער) אויף תמיד, אויף אימער, אימער און אייביג.

for ev'er (פאר עוו'-ער) אויף אלע מאל.

for ev'er and a day (פאר עוו'-ער ענד ע דיי) אימער און אייביג.

forev'ermore *adv.* (פאר-עוו'-ער-מאור) פון היינט אן אויף אייביג; לעולם ועד.

forevouch' *v.* (פאור-וואוטש') פארויס פערזיכערען, פארויס בעשטעטיגען.

forewarn' *v.* (פאור-הוואהרן') פארויס ווארנען, פארויס מזהיר זיין.

forewar'ning *n.* (פאור-הוואהר'-נינג) א ווארנונג, אן אזהרה.

foreweigh' *v.* (פאור-הוויי') פארויס אבשאצען, פארויס בעשטימען די אויסגאבען.

fore'wind *n.* (פאור'-הווינד) א גינסטיגער ווינד, א ווינד וואס בלאזט אין דער ריכטונג וואהין די שיף דארף געהן.

forewish' *v.* (פאור-הוויש') פארויס ווינשען, וועלען אדער פערלאנגען.

fore'woman *n.* (פאור'-הוואומ-ען) די הויפט=מייסטערין אין א פאבריק; אן אויפזעהערין אין אן אבטיילונג פון א געשעפט.

fore'word *n.* (פאור'-הוואירד) א פארווארט [צו א ליטערארישען ווערק].

fore'world *n.* (פאור'-הוואירלד) די פריהעריגע וועלט; די וועלט אין איהר פריהערינען צושטאנד; די וועלט פאר'ן מבול.

for exam'ple (פאר עג-זעמ'פל) למשל, צום ביישפיעל.

for fear (פאר פיער) אוים מורא.

for'feit *v., n. and a.* (פאר'-פיט) פערלירען [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; ברייננען צו א פערלוסט [אלס שטראף]; עטוואס וואס מען פערלירט אלס שטראף; א שטראף; א קאנפיסקירונג; א פאנד [א זאך געגעבען אלס משכון אין שפיעלען]; פערלארען [אלס שטראף].

for'feitable *a.* (פאר'-פי-טעבל) וואס מען קען צונעהמען, וואס מען קען קאנפיסקירען אדער וואס מען קען פערלירען אלס שטראף פאר א פערברעכען אדער פערנאכלעסיגונג.

for'feit cred'it (פאר'-פיט קרעד'-איט) פערלירען דעם קרעדיט, פערלירען דעם נאמען.

for'feiter *n.* (פאר'-פיט-ער) איינער וואס פערלירט עפעס [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; איינער, ביי וועמען מען קאנפיסקירט עפעס.

for'feit of the law (פאר'-פיט אוו טהי לאה) א פערברעכען געגען געזעץ.

for'feits *n.* (פאר'-פיטס) א פאנדען=שפיעל.

for'feiture *n.* (פאר'-פי-טשור) דאס פערלירען עטוואס [אלס שטראף פאר א פערברעכען, פעהלער אדער פערנאכלעסיגונג]; קאנפיסקירונג; דאס וואס ווערט קאנפיסקירט אדער וואס ווערט פערלארען [אלס שטראף]; א שטראף.

for'fex *n.* (פאר'-פעקס) א שער.

for'ficate *a.* (פאר'-פי-קייט) וואס זעהט אויס ווי א צועפענטע שער [וועגען דעם עק ביי פויגלען].

forfica'tion *n.* (פאר-פי-קיי'-שאן) דאס זיין עהנליך צו א פאנאנדערגעעפענטער שער [ווי למשל, דער עק פון געוויסע פויגלען].

forgave' (פאר-גייוו') מוחל נעוועזן. ז. *forgive*

forge *n. and v.* (פאורדזש) א שמיעד=הויז, א קוזניע; א ווערקשטאט; א טיגעל, א שמעלץ=אויווען; אן אייזען=פאבריק; שמיעדען; מאכען עפעס; ערפינדען; פעלשען, מאכען א פעלשונג; זיך שלעפען, לאנגזאם זיך בעוועגען [הויפטזעכליך וועגען א שיף].

forgeabil'ity *n.* (פאור-דזשע-ביל'-אי-טי) שמיעדבארקייט, די פעהיגקייט צו ווערען געשמיעדט.

for'geable *a.* (פאור'-דזשעבל) שמיעדבאר, וואס מען קען שמיעדען; וואס מען קען פארמירען, מאכען, אויסטראכטען אדער ערפינדען; וואס מען קען פעלשען.

forge'-bel'lows *n.* (פאורדזש'-בעל'-אוז) א בלאז=זאק [פון א שמיעד].

forge'-ham'mer *n.* (פאורדזש'-העמ'-ער) א שמיעד=האמער.

for'ger *n.* (פאור'-דזשער) איינער וואס שמיעדט, מאכט אדער פארמירט עפעס; א שמיעד; איינער וואס פעלשט.

for'gery *n.* (פאור'-דזשער-אי) פעלשונג [פון פאפיערען אדער אונטערשריפטען].
The bank clerk was found guilty of **forgery**.

forge'-scale *n.* (פאורדזש'-סקייל) שמיעד=שופען [די דינע שופען וואס פאלען אב ביים שמיעדען געגליהט אייזען].

forget' *v.* (פאר-געט') פערגעסען, ארויסלאזען פון זינען, פערזעהן.

forget'able *a.* (פאר-געט'-עבל) פערגעסבאר, וואס מען קען פערגעסען, וואס קען ארויס פון זכרון.

forget'ableness *n.* (פאר-נעט'-עבל-נעס) פערגעסבארקייט.

forget'ful *a.* (פאר-געט'-פול) פערגעסליך, פערגעסענד; אונאויפמערקזאם, צוטראגען, נאכלעסיג; וואס ברייננט דערצו, מען זאל פערגעסען.

forget'fully *adv.* (פאר-געט'-פול-אי) פערגעסענד; מיט אונאויפמערקזאמקייט; מיט נאכלעסיגקייט, מיט צוטראגענקייט.

forget'fulness *n.* (פאר-געט'-פול-נעס) פערגעסליכקייט; אונאויפמערקזאמקייט, נאכלעסיגקייט, צוטראגנקייט.

forget'-me-not *n.* (פאר-געט'-מי-נאט) פערגעס=מיך=ניט [א בלימעל מיט הימעלבלויע בלעטלעך און אין מיטען געלב. ווערט בעטראכט אלס סימבאל פון פריינדשאפט. וואקסט מעהרסטענטייל אין פייכטע געגענדען].


Forget-me-not

forget' one's self (פאר-געט' הוואנז סעלף) זיך פערגעסען, פערלירען די קאנטראלע איבער זיך; זיין ניט איינגעננוציג.

forge'-tongs *n.* (פאורדזש'-טאהנגז) א שמיעד'ס פייער=צוואנג.

forget'table *a.* (פאר-געט'-עבל) ז. *forgetable*

forget'tableness *n.* (פאר-געט'-עבל-נעס) ז. *forgetableness*

forget'ter *n.* (פאר-געט'-ער) א פערגעסער, א בעל=שכחה; אן אונאויפמערקזאמער, נאכלעסיגער, צוטראגענער מענש.

forget'tingly *adv.* (פאר-געט'-אינג-לי) פערגעסענדיג; מיט צוטראגענקייט.

forge'-wa'ter *n.* (פאורדזש'-הוואה'-טער) וואסער, אין וועלכען א שמיעד האט איינגעטונקען זיין אנגעגליהטע צוואנג [ווערט געברויכט פון אבערגלויבישע מענשען אלס מיטעל געגען אייניגע קראנקהייטען].

for'ging *n. and a.* (פאור'-דזשינג) אן אויסגעשמיעדט שטיק מעטאל; דאס שמיעדען; דאס מאכען אדער פארמירען; פעלשונג; שמיעדענדיג, מאכענדיג, פארמירענדיג; פעלשענדיג.

forgiv'able *a.* (פאר-גיוו'-עבל) וואס מען קען פערצייהען, מוחל זיין אדער פערגעבען.

forgive' *v.* (פאר-גיוו') פערגעבען, פערצייהען, ענטשולדיגען, מוחל זיין.

forgive' free'ly (פאר-גיוו' פריע'-לי) גערן אדער פאלשטענדיג מוחל זיין.

forgive'ness *n.* (פאר-גיוו'-נעס) פערגעבונג, פערצייהונג, מחילה.

forgiv'er *n.* (פאר-גיוו'-ער) איינער וואס איז מוחל.

forgiv'ing *a.* (פאר-גיוו'-אינג) פערגעבענד; מילד, גוטמוטיג, גוטהערציג, מיטפיהלענד.

forgiv'ingly *adv.* (פאר-גיוו'-אינג-לי) אויף א פערגעבענדען, מיטפיהלענדען, מילדען אדער גוטהערציגען אופן.

forgiv'ingness *n.* (פאר-גיוו'-אינג-נעס) דאס זיין גענייגט מוחל צו זיין; מילדקייט; גוטהערציגקייט.

forgo' *v.* (פאר-גאו') אויפגעבען; פער-לאזען.

for God's sake! (פאר גאדז סייק) אום גאטעס ווילען!

forgo'er *n.* (פאר-גאו'-ער) ז. *foregoer*.

for good (פאר גוד) אויף אימער; גענצליך; ענדגילטיג.

He left his position **for good**.

for good'ness' sake (פאר גוד'-נעס סייק) אום גאטעס ווילען!

forgot' (פאר-גאט') פערגעסען. ז. *forget*.

forgot'ten *a.* (פאר-גאט'ן) פערגעסען. ז. *forget*.

for heav'en's sake (פאר העוו'נ'ז סייק) אום הימעל'ס ווילען! אום גאטעס ווילען!

for in'stance (פאר אינ'-סטענס) צום ביישפיעל, למשל.

forisfamil'iate *v.* (פאו-ריס-פע-מיל'-אי-אייט) אויסשליסען פון דער פאמיליע; בעפרייען פון דעם פאטער'ס מאכט [ווע-גען א זוהן, וועמען מען גיט אוועק זיין טייל פון פאטער'ס ירושה נאך ביים פא-טער'ס לעבען].

forisfamilia'tion *n.* (פאו-ריס-פע-מיל-אי-איי'-שאן) אויסשליסונג פון דער פאמיליע; בעפרייאונג פון דעם פאטער'ס מאכט [ווענען א זוהן וואס קריגט זיין טייל ירושה נאך ביים פאטער'ס לעבען]; דאס פארמעלע אבזאגען זיך פון אזא זוהן פון זיין רעכט אויף ירושה נאך'ן פאטער'ס טויט.

forjudge' *v.* (פאר-דזשאדזש') צונעה-מען דורך א געריכטס-אורטייל; אוועקנעה-מען דאס רעכט צו ערשיינען אין געריכט [ביי אן אדוואקאט].

fork *n. and v.* (פאהרק) א גאפעל, א גראבליע; א ווידלע [א היי-גאפעל אדער מיסט-גאפעל]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א גאפעל אדער צו א ווידלע; א טייל, אן אבצווייגונג פון עפעס וואס צוטיילט זיך אדער צושפאלט זיך ווי די צייהן ביי א גאפעל; די פיס; א געשטעל אוועקצו-לעגען די ביקס ביים צילעווען זיך; אנ-נעהמען עפעס מיט א גאפעל, ווידלע אדער גראבליע; אויספומפען וואסער פון א שאכט; ווערען צוטיילט ווי די צייהן פון א גאפעל, אננעהמען די פארם פון א גא-פעל.

forked *a.* (פאהרקט) גאפעל-עהנליך; געטיילט [ווי א גאפעל]; שפיציג; צוויי-דייטיג.

forked light'ning (פאהרקט לאיט'-נינג) א זיגזאג-בליץ.

for'kedly *adv.* (פאהר'-קעד-לי) אין דער פארם פון א גאפעל.

for'kedness *n.* (פאהר'-קעד-נעס) דאס זיין געטיילט ווי א גאפעל.

forked road (פאהרקט ראוד) א שיידע-וועג, א פלאץ וואו וועגען שניידען זיך איבער.

forked way (פאהרקט הוויי) ז. *forked road*.

for keeps (פאר קיעפס) אויף בעשטענ-דיג, אויף אימער, אלס א געשענק.

He gave me the book **for keeps**.

fork'-head *n.* (פאהרק'-העד) א שים-פייל מיט צוויי שפיצען.

fork out (פאהרק אוט) זיך צוטיילען, זיך צושפאלטען, ווערען גאפעלפערמיג; אבצאהלען; ארויסשלעפען פון די קעשע-נעס.

fork o'ver (פאהרק או'-ווער) אבצאהלען.

fork'-rest *n.* (פאהרק'-רעסט) א גע-שטעל אוועקצולעגען די ביקס ביים צילע-ווען זיך.

for'ky *a.* (פאהר'-קי) ז. *forked*.

for less (פאר לעס) ווייניגער, ביליגער.

for life (פאר לאיף) אויף'ן גאנצען לעבען.

forlorn' *a. and n.* (פאר-לאהרן') הילפ-לאז, אונגליקליך; איינזאם, עלענד, פער-לאזען; בעטריבט פון עפעס; קליין, פער-עכטליך; א פערלאזענער, אונגליקליבער, עלענדער מענש.

forlorn' hope (פאר-לאהרן' האופ) אן אבטיילונג סאלדאטען וואס איז בעשטימט צו געהן פארויס ביי אן אטאקע אדער וואס איז בכלל בעשטימט פאר געפעהרליכע קריעגס-אונטערנעהמונגען; אן אונטער-נעהמונג וואס האט ווייניג אויסזיכטען אויף ערפאלג.

forlorn'ly *adv.* (פאר-לאהרנ'-לי) איינ-זאם, עלענד, הילפלאז, אונגליקליך, פער-לאזען.

forlorn'ness *n.* (פאר-לאהרנ'-נעס) פערלאזענהייט, עלענד, הילפלאזיגקייט, אונגליקליכע לאגע.

form *n. and v.* (פארם) פארם, געשטאלט, געשטאלטונג, געבוי; שעהנע געשטאלט; א מאדעל; אין דרוקעריי — דרוק-זאץ געשלאסען אין א ראהם; רעגעלמעסיגקייט, איינארדנונג, ארדנונג, מעטאדע, סיסטעם; א פארמולע; אויסערליכקייט; סטיל [אין שרייבען]; פארמאליטעט, צערעמאניע; איינקלאנג מיט דעם קאנווענציאנעלען אדער אלגעמיין-אנגענומענעם; אויסזעהן, עהנליכקייט; פאלקאמענהייט, פאלשטענדי-גע צוגעפאסטקייט [צו מעסטען זיך אין כחות]; א בלאנק, א דאקומענט וואס דיענט אלס פארם אדער וועלכען מען דארף ערשט אויספילען; די טעאריע פון מוזיקאלי-שער קאמפאזיציאן; א לאנגע באנק; תלמידים וואס זיצען אויף איין באנק; א קלאס [אין לעהר-אנשטאלטען אדער אין א נעזעלשאפט]; די נעסט פון א האז; א ספעציעלער מין; א גאטונג [הויפט-זעכליך וועגען חיות]; פארמירען, גע-שטאלטען, בילדען, שאפען, מאכען, אויס-ארבייטען; צוזאמענשטעלען, זיין א טייל פון עפעס; אננעהמען א געוויסע פארם; לויפען צו א בעהעלטעניש אדער צו א נעסט [וועגען א האז].

for'mable *a.* (פאר'-מעבל) וואס מען קען פארמירען.

for'mal *a.* (פאר'-מעל) פארמעל; וואס איז לויט די אנגענומענע פארמען; סיס-טעמאטיש, רעגעלמעסיג; אפיציעל; קאנ-ווענציאנעל [נאך דעם אלגעמיין-אנגענו-מענעם]; פארמאליסטיש, מעטאדיש; וואס האלט זיך אן אלעם וואס איז קאנווענציא-נעל; צערעמאניש; פינקטליך; וואס איז שייך נור צו דער פארם, אויסערליך.

formal'dehyde *n.* (פאר-מעל'-די-האיד) אזא גאז וואס ווערט בענוצט פאר אנטיסעפטישע צוועקען [צו פערניכטען מיקראבען].

for'malism *n.* (פאר'-מעל-איזם) פאר-מאליזם, פעדאנטיזם, דאס זיין פארמעל; איבערטריבענע פינקטליכקייט; שטרענגע האלטונג אן בעשטימטע כללים און פאר-מען; אין פילאזאפיע — פענאמענאלער אידעאליזם, די סיסטעם וואס לייקענט אב די עקזיסטענץ פון שטאף און אנערקענט נור די פארם.

for'malist *n.* (פאר'-מעל-איסט) א פאר-מאליסט, א פעדאנט, איינער וואס איז אי-בערטריבען פינקטליך, איינער וואס האלט זיך צו שטרענג אן בעשטימטע כללים אדער אן דעם אלגעמיין-אנגענומענעם; אין פילאזאפיע — אן אידעאליסט, איינער וואס לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון שטאף און אנערקענט נור די עקזיסטענץ פון דער פארם.

formalis'tic *a.* (פאר-מע-ליס'-טיק) פארמאליסטיש, פעדאנטיש. ז. *formalism*.

formal'ity *n.* (פאר-מעל'-אי-טי) פאר-מאליטעט, אנגענומענע כללים אדער אורד-נונג, דאס זיין פארמאליסטיש אדער פע-דאנטיש, דאס זיין איבערטריבען פינקט-ליך; דאס האלטען זיך צו שטרענג אן בעשטימטע כללים אדער אן דעם אלגעמיין-אנגענומענעם.

for'malize *v.* (פאר'-מעל-איז) מאכען פארמאליסטיש, מאכען צערעמאניעל; בע-שרענקען מיט געוויסע כללים; מאכען פע-דאנטיש. ז. *formalism*.

for'mal log'ic (פאר'-מעל לאדזש'-איק) פארמעלע לאגיק [די לעהרע וועגען די אלגעמיינע כללים פון דענקען].

for'mally *adv.* (פאר'-מעל-אי) אפיצי-על, פארמעל; אין פארם.

The candidate was **formally** notified of his election.

form an ide'a (פארם ען אי-די'-ע) זיך עפעס פארשטעלען.

form a resolu'tion (פארם ע רעז-א-ליו'-שאן) אננעהמען א בעשלוס.

for'mate *n.* (פאר'-מייט) אמייזען-זויער-זאלץ [אזא כעמישער שטאף]. ז. *formic acid*.

forma'tion *n.* (פאר-מיי'-שאן) פארמי-רונג, געשטאלטונג; דאס ברייננען אין א געוויסער ארדנונג; אויסארבייטונג; צו-זאמענשטעלונג; געבוי; אין געאלאגיע — א פארמאציאן, א שיכט.

forma'tional *a.* (פאר-מיי'-שאנ-על) אין געאלאגיע — וואס איז שייך צו א פארמאציאן, געשטאלטונג אדער שיכט.

for'mative *a. and n.* (פאר'-מע-טיוו) פארמירענד, מאכענד, בעשטימענד; וואס איז שייך צו פארמירונג אדער ענטוויק-לונג; אין גראמאטיק — וואס ענדערט די פארם פון א ווארט; אן ענדערונג אין א ווארט וואס גיט דעם צו א נייע גראמאטי-שע פארם.

form'-board *n.* (פארמ'-באורד) בילי-גער קארטאן [ווערט געברויכט אלס פאק-פאפיער, פאר ביכער-איינבאנדען א. ד. ג.].

formed *a.* (פארמד) אויסגעשטעלט אין א געוויסער ארדנונג [ווי שטערען אין א שטערען-גרופע]; ענטוויקעלט, אויסגע-בילדעט, רייף.

form'-el'ement *n.* (פארמ'-על'-אי-מענט) א בעשטאנד-טייל, אן עלעמענט וואס געהט אריין אלס טייל אין גאנצען און העלפט דאס גאנצע פארמירען.

for'mer *a. and n.* (פאר'-מער) פאריג, פריהעריג, לאנג פערגאנגען; איינער וואס פארמירט, מאכט אדער בעשאפט; א בע-שעפער; א פורעם, א פאסאן, א פיגור.

for mer'cy's sake! (פאר מויר'-סיז סייק) אום גאטעס ווילען!

for'merly *adv.* (פאר'-מער-לי) פריהער;

אין די פריהעריגע אדער אמאליגע צייטען; אמאל.

for'miate *n.* (פאר'-מי-אייט) ז. *formic acid*.

for'mic *a.* (פאר'-מיק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון מוראשקעס.

for'mic ac'id (פאר'-מיק עס'-איד) אמייזען-זויערע [א זויערע וואס געפינט זיך אין דעם קערפער פון די מוראשקעס].

for'mican *a.* (פאר'-מי-קען) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א מוראשקע.

for'micant *a.* (פאר'-מי-קענט) קריכענדיג ווי א מוראשקע [ווענען דעם פולס, ווען ער שלאגט שוואך און אונרעגעלמעסיג].

for'micate *a.* (פאר'-מי-קייט) ז. *formican*.

formica'tion *n.* (פאר-מי-קיי'-שאן) א קראנקהאפטע עמפפינדונג אין דער הויט ווי עס וואלטען איבער'ן קערפער געקראכען מוראשקעס.

formic'ic *a.* (פאר-מיס'-איק) ז. *formic*.

formidabil'ity *n.* (פאר-מי-דע-ביל'-אי-טי) ז. *formidableness*.

for'midable *a.* (פאר'-מי-דעבל) פורכטבאר, שרעקליך; אבשרעקענד; וואס איז שווער בייצוקומען אדער ערפילען.

The candidate was running for office against a **formidable** opponent.

for'midableness *n.* (פאר'-מי-דעבל-נעס) פורכטבארקייט, שרעקליכקייט; דאס זיין שווער בייצוקומען אדער צו ערפילען.

for'midably *adv.* (פאר'-מי-דע-בלי) מיט פורכטבארקייט, שרעקליך, אבשרעקענד; אויף אזא אופן וואס עס איז שווער בייצוקומען אדער צו ערפילען.

for'ming-machine' *n.* (פאר'-מינג-מע-שין') א מאשין צו בויגען בלעך און צו מאכען בלעכענע כלים; אן אפאראט צו מאכען פערשיעדענע זאכען פון צייג און פון אנדערע שטאפען [ווי למשל, היט פון שטרוי]; א מאשין צו דרעהען שטריק.

form'less *a.* (פארמ'-לעס) פארמלאז, אהן א בעשטימטער געשטאלט אדער ארדנונג.

form'lessly *adv.* (פארמ'-לעס-לי) אויף א פארמלאזען שטייגער.

form'lessness *n.* (פארמ'-לעס-נעס) פארמלאזיגקייט.

for'mula *n.* (פאר'-מיו-לא) א פארמולע, א בעשטימטע פארם, א בעשטימטער כלל; א געשריבענע גלויבענס-ערקלערונג.

for'mular *a.* (פאר'-מיו-לאר) פארמולער, וואס איז לויט א בעשטימטער פארמולע אדער לויט פארשריפט; ריטועל.

for'mularies *n.* (פאר'-מיו-לע-ריז) א פארגעשריבענע פארם אדער מאדעל; א פארמולע.

formulariza'tion *n.* (פאר-מיו-לער-אי-זיי'-שאן) פארמולירונג, דאס אויסדריקען אין א בעשטימטער סיסטעמאטישער פארם אדער פארמולע.

for'mularize *v.* (פאר'-מיו-לער-איז) פארמולירען, אויסדריקען אין א פארמולע; אויסדריקען אין א פינקטליכער און סיסטעמאטישער פארם.

for'mulary *a. and n.* (פאר'-מיו-לע-רי) וואס איז שייך צו א פארמולע אדער בעשטימטער פארם; אויסגעדריקט אין א פארמולע, פינקטליך, סיסטעמאטיש, פארמעל; פארמאליסטיש; א פארמולאר, א זאמלונג פון בעשטימטע פארמען אדער כללים [הויפטזעכליך רעליגיעזע].

for'mulate *v.* (פאר'-מיו-לייט) ז. *formularize*.

formula'tion *n.* (פאר-מיו-ליי'-שאן) ז. *formularization*.

for'mulatory *a.* (פאר'-מיו-לע-טא-רי) וואס איז שייך צו פארמולירונג אדער צו א פארמולע.

for'mule *n.* (פאר'-מיול) ז. *formula*.

formulisa'tion *n.* (פאר-מיו-לי-זיי'-שאן) ז. *formularization*.

for'mulise *v.* (פאר'-מיו-לאיז) ז. *formularize*.

for'mulism *n.* (פאר'-מיו ליזם) די נייגונג שטרענג צו האלטען זיך אן פארמולעס.

formuliza'tion *n.* (פאר-מיו-לי-זיי'-שאן) ז. *formularization*.

for'mulize *v.* (פאר'-מיו-לאיז) ז. *formularize*.

for my part (פאר מאי פארט) פון מיינעטוועגען, פון מיין זייט, וואס אנבעלאנגט מיך.

for'nicate *v. and a.* (פאר'-ני-קייט) האבען פערבאטענעם געשלעכטליכען פערקעהר [הויפטזעכליך ווענען אונפערהייראטע]; געוועלבט, געבויגען ווי א געוועלב, אויסגעהוילט ווי א געוועלב.

fornica'tion *n.* (פאר-ני-קיי'-שאן) א געוועלב; דאס זיין אויסגעהאקט ווי א געוועלב; פערבאטענער געשלעכטליכער פערקעהר [פון אן אונפערהייראטער פערזאן]; ניאוף; געצענדיענעריי [אין דער ביבעל].

for'nicator *n.* (פאר'-ני-קיי-טאר) א נואף [הויפטזעכליך ווענען אן אונפערהייראטען]; א געצענדיענער [אין דער ביבעל].

for'nicatress *n.* (פאר'-ני-קיי-טרעס) א פרוי [הויפטזעכליך אן אונפערהייראטע] וואס האט פערבאטענעם געשלעכטליכען פערקעהר.

for'nix *n.* (פאר'-ניקס) א וועלבונג, א וועלבונג-ארטיגע אויסהוילונג [אויף'ן קערפער פון חיות אדער ביי פלאנצען].

for once (פאר הוואנס) פאר איין מאל, איין מאל אם וועניגסטען; ענדליך.

for rea'sons (פאר ריע'זנז) צוליעב [געוויסע] גרינדע אדער טעמים.

For **reasons** known to me I must decline your proposition.

for'rel *n.* (פאר'-על) ז. *forel*.

for'rill *n.* (פאר'-איל) ז. *forel*.

forsake' *v.* (פאר-סייק') פערלאזען; אויפגעבען; דעזערטירען, אבטריניג ווערען; צוריקווייזען.

Don't **forsake** your friend in his hour of need.

forsa'ken *a.* (פאר-סיי'קן) פערלאזען, אויפגעגעבען.

forsa'ker *n.* (פאר-סיי'-קער) איינער וואס פערלאזט אדער גיט אויף; א דעזערטיר; אן אבטריניגער.

forsa'king *n. and a.* (פאר-סיי'-קינג) פערלאזונג, אויפגעבונג; דאס דעזערטירען, דאס ווערען אבטריניג; פערלאזענד, אויפגעבענד, דעזערטירענד, ווערענדיג אבטריניג.

for shame! (פאר שיים) שאנדע! פוי!

forsook' (פאר-סוק') פערלאזען. ז. *forsake*.

forsooth' *adv.* (פאר-סוהטה') באמת, ווירקליך, געוויס [מעהרסטענס איראניש].

forspend' *v.* (פאר-ספענד') אויסבריינגען, אויסשעפען אדער אויסמאטערען ביז צום לעצטען.

forswear' *v.* (פאר-סהוועהר') אבלייקענען עפעס אונטער א שבועה אדער מיט פראטעסט און ענטשלאסענהייט; זיך אבזאגען פון עפעס אדער עפעס צוריקווייזען מיט א שבועה, פראטעסט אדער ענטשלאסענהייט; זיך פערשווערען; פאלש שווערען.

forswear'er *n.* (פאר-סהוועהר'-ער) איינער וואס לייקענט עפעס מיט ענטשלאסענהייט אדער אונטער א שבועה; איינער וואס זאגט זיך אב פון עפעס מיט ענטשלאסענהייט אדער אונטער א שבועה; איינער וואס פערשווערט זיך; איינער וואס שווערט פאלש.

forswear' one's self (פאר-סהוועהר' הוואנז סעלף) פאלש שווערען.

forswore' (פאר-סהוואור') פערשווארען, פאלש געשווארען, אבגעלייקענט אדער זיך אבגעזאגט מיט א שבועה. ז. *forswear*.

forsworn' *a.* (פאר-סהווארן') זיך אבגעזאגט אדער אבגעלייקענט אונטער א שבועה; זיך פערשווארען; פאלש געשווארען. ז. *forswear*.

fort *n., v. and a.* (פאורט) א פארט, א פעסטונג, א בעפעסטיגונג; א האנדעלס-סטאציאן צווישען די אינדיאנער; דער שטארקערער טייל פון א שווערד-קלינג [די העלפט ביים הענטעל]; פערנעהמען א פארט; שכור.

forte *n.* (פאורט) עטוואס מיט וואס איינער צייכענט זיך שטארק אויס; א ספעציעלער טאלענט; דער שטארקערער טייל פון א שווערד-קלינג [די העלפט ביים הענטעל].

for'te *a. and n.* (פאור'-טע) אין מוזיק — פארטע, הויך, קרעפטיג; א שטיק מוזיק וואס ווערט געשפיעלט פארטע; א פארריכטונג אין א הארמאניום [הויז-ארגעל] צו מאכען דעם אינסטרומענט צו שפיעלען פארטע.

for'te-pia'no *a. and n.* (פאור'-טע-פי-א'-נאו) אין מוזיק — פארטע-פיאנא, וואס ווערט פלוצלונג שטארק און הויך און דאן באלד צוריק ווייך און שטיל; א פארטעפיאנא.

forth *adv. and prep.* (פאורטה) פארווערטס, ווייטער; ארויס; פארט, אוועק; ווייט.

for that mat'ter (פאר טהעט מעט'-ער) אויס דיעזען גרונד; צוליעב דעם; צוליעב דיעזער אורזאכע.

For that matter, I do not care whether you agree with me or not.

for that pur'pose (פאר טהעט פויר'-פאס) מיט דיעזער אבזיכט; צוליעב דיעזען צוועק.

forth'coming *a. and n.* (פאורטה'-קאם-אינג) פערטיג ארויסצוקומען אדער צו ערשיינען; די ערשיינונג, די ארויסקומונג.

for the ben'efit of (פאר טהי בענ'-ע-פיט אוו) צו גונסטען פון...

The executors administrated the estate **for the benefit of** the widow.

for the first time (פאר טהי פוירסט טאים) צום ערשטען מאל.

for the fu'ture (פאר טהי פיו'-טשור) אויף ווייטער, להבא.

for the love of God (פאר טהי לאוו אוו גאד) אום גאטעס ווילען.

for the mil'lion (פאר טהי מיל'-יאן) פאר אלעמען; פאר דער גאנצער מאסע.

for the nonce (פאר טהי נאנס) פאר דיעזען פאל; פאר דיעזען אייגענבליק; פאר דיעזען צוועק; גראד צוגעפאסט.

for the time be'ing (פאר טהי טאים בי'-אינג) דערוויילע; ביז וואס-ווען.

for the time to come (פאר טהי טאים טו קאם) אויף וויימער, להבא.

forth'going *n. and a.* (פאָורטה'-גאָו-אינג) דאס ארויסגעהן; דאס געהן ווייטער; וואס געהט ארויס; וואס געהט ווייטער.

for this once (פאר טהיס וואנס) דאס מאל; פאר דיעזען איינציגען פאל.

forth'-is'suing *a.* (פאָורטה'-איש'-או-אינג) וואס ווערט ארויסגעגעבען; וואס קומט ארויס.

forth'pushing *a.* (פאָורטה'-פוש-אינג) שטופענד אדער שטויסענד פארווערטס; אגרעסיוו; וואס שטרעבט אלץ פארויס.

forth'putting *n.* (פאָורטה'-פוט-אינג) דאס ארויסברייינגען; דאס בעשאפען.

forth'right *a. and adv.* (פאָורטה'-ראיט) גלייך; דירעקט; אונפערשטעלט, ניט פערמאסקירט; אויף א גלייכען אופן; בדרך הישר.

forthwith' *adv.* (פאָורטה-הוויטה') באלד, גלייך; ניט אבלעגענדיג.
I shall proceed **forthwith** to carry out my instructions.

for'tieth *a. and n.* (פאר'-טי-עטה) פיערציגסטער; א פיערציגסטעל.

for'tifiable *a.* (פאר'-טי-פאי-עבל) וואס מען קען בעפעסטיגען.

fortifica'tion *n.* (פאר-טי-פי-קיי'-שאן) פארטיפיקאציאן; בעפעסטיגונג.

for'tifier *n.* (פאר'-טי-פאי-ער) א בעפעסטיגער; דער וואס שטעלט אויף בעפעסטיגונגען.

for'tify *v.* (פאר'-טי-פאי) בעפעסטיגען; מאכען שטארק.

fort in (פאורט אין) זיך בעפעסטיגען אין א פארט.

fortis'simo *a. and adv.* (פאר-טיס'-אי-מא) פארטיסימא, זעהר שטארק, זעהר הויך [אין מוזיק].

for'titude *n.* (פאר'-טי-טיוד) שטארקייט, מוטה; דאס קענען פערלייידען; גייסטיגע קראפט.

fort'let *n.* (פאורט'-לעט) א קליינע פעסטונג.

fort'night *n.* (פארט'-נאיט) פיערצעהן טעג, צוויי וואכען.

fort'night hence (פארט'-נאיט הענס) אין פיערצעהן טעג ארום.

fort'nightly *a. and adv.* (פארט'-נאיט-לי) וואס קומט פאר איין מאל אין צוויי וואכען; צוויי-וואכענדיג; יעדען האלבען חודש.

for'tress *n. and v.* (פאר'-טרעס) א פעסטונג; א בעפעסטיגטער ארט; בעפעסטיגען.

fortu'itous *a.* (פאר-טיו'-אי-טאס) צופעליג; וואס קומט אונערווארטעט.

fortu'itously *adv.* (פאר-טיו'-אי-טאס-לי) אויף א צופעליגער ארט.

fortu'itousness *n.* (פאר-טיו'-אי-טאס-נעס) צופעליגקייט; א צופאל.

fortu'ity *n.* (פאר-טיו'-אי-טי) א צופעליגע פאסירונג; א צופאל.

Fortu'na *n.* (פאר-טיו'-נא) פארטונא, די געטין פון גליק ביי די אלטע רוימער; איינע פון די קליינע פלאנעטען [דער ניינצעהנטער], וואס דרעהען זיך ארום דער זון.

for'tunate *a.* (פאר'-טשו-נעט) גליקליך; מזל'דיג.

for'tunately *adv.* (פאר'-טשו-נעט-לי) גליקליכערווייזע.

for'tunateness *n.* (פאר'-טשו-נעט-נעס) גליקליכקייט; מזל'דיגקייט; דאס זיין אין א גליקליכען צושטאנד.

for'tune *n.* (פאר'-טשון) מזל, גליק; דער שיקזאל; ערפאלג, הצלחה; דאס פערמעגען; רייכטום; א רייכער יורש.

for'tune-book *n.* (פאר'-טשון-בוק) א טרעף-בוך, ספר המזלות.

for'tune-hun'ter *n.* (פאר'-טשון-האנ'-טער) א מאנספערזאן אדער פרויענצימער וואס זוכט א רייכען שידוך.

for'tune in rever'sion (פאר'-טשון אין רי-וואיר'-שאן) א פערמעגען אדער ירושה, וועלכע מען בעקומט ניט גלייך, נאר שפעטער אין פערלויף פון א געוויסער צייט נאכדעם ווי געוויסע אונפערמיידליכע בעדינגונגען וועלען פארקומען.

for'tuneless *a.* (פאר'-טשון-לעס) אהן א פערמעגען, ארים.

for'tune-tell'er *n.* (פאר'-טשון-טעל'-ער) א וואהר-זאגער, א טרעפער.

for'tune-tell'ing *a. and n.* (פאר'-טשון-טעל'-אינג) וואס קען טרעפען אדער פארויסזאגען די צוקונפט; דאס טרעפען וואס עס וועט פארקומען.

for'ty *a. and n.* (פאר'-טי) פיערציג; די צאהל פיערציג.

fo'rum *n.* (פאו'-ראם) אין אלטען רוים — דער פארום [א פלאץ אין צענטער פון שטאדט, וואו עס האט זיך געפונען דער מארק און די געריכטען און וואו עס פלעגען פארקומען פאלקס-פערזאמלונגען]; א טריבונאל, א געריכט; דער ארט וואו מען קלייבט זיך צונויף אויס צוהערען טענות פון געגענזייטיגע צדדים.

for'ward *a., adv. and v.* (פאר'-הווארד) פאראויס, פארווערטס; פארטגעשריטען; אייפריג, דרייסט, פרעך; פארויסגעהענד, פריהצייטיג; שיקען, עקספעדירען, אטפראווען; שנעל איבערגעבען אדער בעזארגען; ערמוטיגען, צוגעבען קראפט אדער דרייסטקייט; טרייבען פארווערטס; ארויסברייינגען; ארויסרופען א פארטשרים, אויסבעסערען, ברייינגען צו א העכערער שטופע; אין בוכבינדעריי — איינבינדען א בוך אין א רוקען און טאוולען און צוגרייטען פאר דעם, וועלכער פערענדיגט די ארבייט.

for'warder *n.* (פאר'-הוואר-דער) אן עקספעדירער, אן אוועקשיקער; איינער אדער עפעס וואס טרייבט פארווערטס; דער אדער דאס וואס ברייינגט צו א העכערער שטופע; אין בוכבינדעריי — דער ארבייטער, וועלכער בינדט איין דאס בוך אין א רוקען און טאוולען און פערפערטיגט עס פאר דעם, וועלכער דארף פערענדיגען די ארבייט.

for'warding *n. and a.* (פאר'-הוואר-דינג) דאס אוועקשיקען, דאס איבערשיקען [פון סחורות]; אין בוכבינדעריי — דאס איינבינדען א בוך אין רוקען און טאוולען און פערפערטיגען פאר דעם, וועלכער פערענדיגט די ארבייט; טרייבענד פארווערטס; ארויסרופענדיג פארטשריט אדער פראגרעס; שטעלענדיג אויף א העכערער שטופע.

for'warding mer'chant (פאר'-הווארדינג מויר'-טשענט) א סוחר, וועמעס געשעפט בעשטעהט אין דעם, וואס ער בעקומט און שיקט ארויס סחורות פאר אנדערע.

for'wardly *adv.* (פאר'-הווארד-לי) אין א פאריסגעזעצטער לאגע; שטרעבענדיג פארווערטס; פריהצייטיג; מיט דרייסטקייט; מיט חשק; מיט העזה, מיט חוצפה.

for'wardness *n.* (פאר'-הווארד-נעס) דאס זיין פארויס; פריהצייטיגקייט; אייפער, חשק; דרייסטקייט; העזה, חוצפה, פרעכהייט.

for'wards *adv.* (פאר'-הווארדז) פארווערטס, פארויס.

foss *n.* (פאס) א גראבען, א קאנאל; אין אנאטאמיע — א גריבעלע אדער פערטיעפונג אין א ביין אדער אין א גליעד פון קערפער.

fos'sa *n.* (פאס'-א) אין אנאטאמיע — א גריבעלע אדער פערטיעפונג אין א ביין אדער אין א גליעד פון קערפער.

fos'sil *a. and n.* (פאס'-איל) געגראבען; וואס איז שייך צו אויסגעגראבענע זאכען; פערשטיינערט, פערשימעלט; פון די אורשאלטע צייטען; דאס וואס ווערט אויסגעגראבען פון דער ערד, ווי מינעראלען א. ד. ג.; פערשטיינערטע פלאנצען און חיות וואס מען גראבט אויס פון דער ערד; א פערשטיינערטע, אבגעלעבטע זאך.

fos'sil coal (פאס'-איל קאול) שטיין-קויהל.

fossilif'erous *a.* (פאס-אי-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט פערשטיינערטע פלאנצען און טהיערע.

fossilifica'tion *n.* (פא-סיל-אי-פי-קיי'-שאן) די פערשטיינערונג.

fossil'ify *v.* (פא-סיל'-אי-פאי) פערשטיינערען; פערשטיינערט ווערען.

fos'silism *n.* (פאס'-איל-איזם) דער צושטאנד פון זיין אויסגעגראבען אדער פערשטיינערט; די לעהרע איבער די פערשטיינערטע חיות און פלאנצען וואס מען גראבט אויס פון דער ערד; פאלעאנטאלאגיע.

fos'silist *n.* (פאס'-איל-איסט) איינער וואס שטודירט די לעהרע איבער די פערשטיינערטע חיות און פלאנצען, וואס מען גראבט אויס פון דער ערד.

fossil'ity *n.* (פא-סיל'-אי-טי) ז. *fossilism.*

fossiliza'tion *n.* (פאס-אי-לי-זיי'-שאן) די פערשטיינערונג.

fos'silize *v.* (פאס'-איל-איז) פערשטייינערען; פערשטיינערט ווערען; פערעלטערט ווערען, זיין אלט-פרענקיש; ווערען אלט-מאדיש.

fossil'ogist *n.* (פא-סיל'-א-דזשיסט) ז. *fossilist.*

fossil'ogy *n.* (פא-סיל'-א-דזשי) ז. *fossilology.*

fossilol'ogy *n.* (פאס-אי-לאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע חיות און פלאנצען.

fos'sor *n.* (פאס'-אר) א קבר-גרעבער.

fosso'rial *a. and n.* (פא-סאו'-רי-על) וואס גראבט זיך אין דער ערד; וואס איז צוגעפאסט צו גראבען זיך [ווי א געוויסער אבר פון א חיה]; א חיה וואס גראבט זיך אין דער ערד.

foss'-road *n.* (פאס'-ראוד) א ברייטער וועג מיט גראבענס ביי דער זייט.

fos'sulate *a.* (פאס'-יו-לייט) אין אנאטאמיע — וואס האט א גריבעל אדער פערטיעפונג אויף א קערפער-גליעד.

foss'way *n.* (פאס'-הוויי) ז. *foss-road.*

fos'ter *v. and n.* (פאס'-טער) געהרען, פלעגען; הארדעווען, ערציהען; בעשיצען, שטיצען, בעגינסטיגען; ליעב האלטען; א קינד, א נאכקאמענשאפט; א הארדעוואניק; עטוואס וואס מען נעהרט אדער ערציהט.

איינער וואס ערציהט, ערנעהרט, בעגינס=
טיגט אדער פערהאלט זיך מיט ליעבע.

fos′ter a belief′ (פאס′-טער ע בי-
ליעף′) גלויבען אין עפעס, זיך ארומטרא=
גען מיט האפנונגען.

fos′terage *n.* דאס (פאס′-טער-איידזש)
ערנעהרען; דאס אויפציהען [הויפטזעכ=
ליך א פרעמד קינד].

fos′ter-babe *n.* א (פאס′-טער-בייב)
וויכאוואניק, א הארעוואניק, א פלעגע=
קינד [א פרעמד קינד וואס מען נעהמט
צו אויפציהען].

fos′ter-broth′er *n.* (פאס′-טער-
בראטה′-ער) א מילך=ברודער [איינער
מיט וועמען מען האט זיך געהארעוועט
צוזאמען אין א פרעמדער פאמיליע אדער
ביי דערזעלבער אם].

fos′ter-child *n.* (פאס′-טער-טשאילד)
ז. ***foster-babe***

fos′ter-dam *n.* אן (פאס′-טער-דעם)
אם; איינע וואס הארעוועט א פרעמד
קינד.

fos′ter-daugh′ter *n.* (פאס′-טער-
דאה′-טער) א פלעגע=טאכטער [א פרעמד
קינד ערצויגען אלס אייגענס].

fos′ter-earth *n.* (פאס′-טער-אוירטה)
דער נעהרענדער בארען [פון א פרעמ=
דען לאנד].

fos′terer *n.* איינער (פאס′-טער-ער)
אדער איינע וואס ערנעהרט אדער ער=
ציהט [א פרעמד קינד]; א פלעגע=פא=
טער, א פלעגע=מוטער; אן אם; איינער
אדער עטוואס וואס שטיצט אדער בעגינ=
סטיגט.

fos′teress *n.* (פאס′-טער-עס)
ז. ***fostress***

fos′ter-fa′ther *n.* (פאס′-טער-פא′-
טהער) א פלעגע=פאטער, א נעהר=פאטער
[איינער וואס נעהמט אויף א פרעמד
קינד צו ערציהען].

fos′ter-home *n.* א (פאס′-טער-האום)
קינדער=אזיל [אן אנשטאלט צו ערציהען
קליינע קינדער].

fos′ter-land *n.* דאס (פאס′-טער-לענד)
נייע פאטערלאנד, דאס פרעמדע לאנד וואו
איינער איז געווארען א תושב; א גוט
וואס זיין הכנסה איז בעשטימט פאר דער
אונטערהאלטונג פון אן אנשטאלט אדער
פון א פערזאן.

fos′terling *n.* א הא= (פאס′-טער-לינג)
רעוואניק [א קינד וואס מען ערציהט אין
א פרעמדען הויז].

fos′ter-moth′er *n.* (פאס′-טער-מאטה′-
ער) א פלעגע=מוטער, א נעהר=מוטער
[איינע וואס הארעוועט אדער ערציהט א
פרעמד קינד]; אן אם.

fos′ter-nurse *n.* אן (פאס′-טער-נוירס)
אם; איינער אדער איינע וואס ערציהט,
נעהרט, בעגינסטיגט אדער שטיצט.

fos′ter-par′ent *n.* (פאס′-טער-פעהר′-
ענט) א נעהר=פאטער אדער א נעהר=מו=
טער [וואס נעהמט אויף א פרעמד קינד
צו ערציהען].

fos′ter-par′ents *n.* (פאס′-טער-פעהר′-
ענטס) פלעגע=עלטערען, נעהר=עלטערען
[וואס נעהמען אויף א פרעמד קינד צו
ערציהען].

fos′ter-sis′ter *n.* (פאס′-טער-סיס′-
טער) א מילך=שוועסטער [איינע וואס איז
צוזאמען מיט אן אנדער פערזאן ערצויגען
געווארען אין דעמזעלבען פרעמדען הויז
אדער ביי דערזעלבער אם].

fos′ter-son *n.* א פלע= (פאס′-טער-סאן)
גע=זוהן, א הארעוואניק.

fos′tress *n.* אן ערציהע= (פאס′-טרעס)
רין פון א פרעמדען קינד; אן אם.

foth′er *n.* and *v.* א פו= (פאטה′-ער)
דער [אן אלטע וואג=איינהייט פאר בליי
(אונגעפעהר א טאן)]; א משא פון בליי
אויף א שיף; פערשטאפען מיט א זעגעל
א לאך אין א שיף.

fougade′ *n.* אין מיליטער — (פוה-געד′)
א קליינער גרוב אנגעפילט מיט עקספלא=
דירענדע שטאפען און צוגעדעקט מיט
שטיינער.

fougass′ *n.* (פוה-געס′) ז. ***fougade***

fought (פאהט) גענשלאגען, געקעמפפט.
ז. ***fight***

foul *a., adv., n.* and *v.* שטארק (פאול)
אונאנגענעהם; שמוציג, אונריין, אבשטוי=
סענד; שעדליך, שלעכט; פול מיט שעד=
ליכע אדער אונאנגענעהמע זאכען; גע=
שטערט, אבגעהאלטען דורך שעדליכע
אדער אונאנגענעהמע זאכען; וואס איז
געגען דעם אנגענומענעם; ניט ריכטיג,
ניט פאסיג, ניט אויפריכטיג, ניט עהר=
ליך; ניט אנשטענדיג; געמיין; אונפער=
שעמט, מיאוס [אין מאראלישען זין];
אויף אן עקעלדיגען, מיאוס′ען, שמוציגען,
שטערענדען, אבהאלטענדען, ניט אנשטענ=
דיגען אדער ניט ריכטיגען אופן; שטע=
רונג, אבהאלטונג; פעראונרייניגען, פער=
דארבען; ווערען אונריין; ווענען שי=
פען — קומען אין צוזאמענשטויס, שטע=
רען אדער ווערען געשטערט [דורך דער
וואסער=פלאכקייט, שטיינער אדער גע=
וויקסע]; פערוויקלען [אין געוויקסע].

foul ball אין ביים=באל= (פאול באהל)
שפיעל — א באל וואס פערפליהט ביים
ווארפען אויסער די בעשטימטע גרענעצען.

foul blow ביים פויסטען= (פאול בלאו)
קאמפף — א פערבאטענער קלאפ, א קלאפ
אין די וייכע טיילען פון קערפער.

foul bot′tom אן אונ= (פאול באט′-אם)
ריינער דעק [פון א שיף].

foul coast א געפעהרלי= (פאול קאוסט)
כער ים=ברעג [פאר שיפען].

foul dea′ling ניט (פאול דיע′-לינג)
אויפריכטיגע האנדלונג, בעטרוג.

foul disease′ א (פאול די-זיעז′)
מיאוס′ע קראנקהייט, סיפילים.

foul′-faced *a.* וואס האט (פאול′-פייסט)
א מיאוס אדער שמוציג פנים.

foul fiend דער בייזער (פאול פיענד)
שונא, דער שטן מקטרג.

foul fish פיש אין דער צייט (פאול פיש)
ווען זיי ווארפען פון זיך ארויס די איקרע
בעת זיי פלאדיען זיך.

foul ground א שלעכטער (פאול גראונד)
אנקער=גרונט.

foul lan′guage (פאול לענ′-גהוועדזש)
נידריגע, געמיינע רייד; זידלעריי.

foul lin′en שמוציגע (פאול לינ′-ען)
וועש.

foul′ly *adv.* אויף א (פאול′-לי)
מיאוס′ען, אונרייגעם אדער עקעלהאפטען
שטייגער; אויף אן אונעהרליכער, נידער=
טרעכטיגער ארט.

foul′mart *n.* (פאול′-מארט)
ז. ***foumart***

foul means אונעהרליכע (פאול מיענז)
מיטלען.

A victory by **foul means** is worse than defeat.

foul′-mouthed *a.* (פאול′-מאוטהט)
וואס רעדט שמוציגע רייד, וואס ברויכט
נבול=פה.

foul names זידעל= (פאול ניימז)
ווערטער.

foul′ness *n.* אונריינקייט, (פאול′-נעס)
שמוציגקייט; שענדליכקייט, אבשייליכקייט,
העסליכקייט; אונעהרליכקייט.

foul play אונעהרליכע מע= (פאול פליי)
טאדען, אינטריגעס.

foul prac′tices (פאול פרעק′-טי-סעז)
ז. ***foul play***

foul proof אין דרוקע= (פאול פרוהף)
ריי — א קארעקטור פון א זאץ, פון וועל=
כער עס זיינען נאך ניט פעררריכט די גריי=
זען.

foul rope א צונויפגע= (פאול ראופ)
פלאנטערטער שטריק.

foul′-spo′ken *a.* (פאול′-ספאוקן)
ז. ***foul-mouthed***

foul′-tongued *a.* (פאול′-טאנגד)
ז. ***foul-mouthed***

foul wa′ter מוטנע (פאול הוואה′-טער)
וואסער.

foul wind אן אונגינ= (פאול הווינד)
סטיגער ווינד; א בייזער ווינד.

fou′mart *n.* א טכויר, א (פאו′-מארט)
שעשקע.

found *v.* and *n.* גרינדען; (פאונד)
לעגען דעם פונדאמענט; שמעלצען און
גיסען [אין א פורם]; דאס שמעלצען מע=
טאל.

found (פאונד) געפונען. ז. ***find***

founda′tion *n.* די (פאונ-דיי′-שאן)
גרינדונג; א גרונד; א פונדאמענט; א
פאנד אויסצוהאלטען אן אנשטאלט אדער
אינסטיטוציאן; אן אנשטאלט אדער אינ=
סטיטוציאן וואס ווערט אויסגעהאלטען פון
א פאנד; א סטיפענדיע; די ערשטע
שטעך פון א נאט.

founda′tional *a.* (פאונ-דיי′-שאנ-על)
פונדאמענטאל.

founda′tionless *a.* (פאונ-דיי′-שאנ-
לעס) אהן א גרונד, אהן א פונדאמענט.

founda′tion-school *n.* (פאונ-דיי′-
שאן-סקול) א שוהל וואס ווערט אויסגע=
האלטען פון א פאנד געגעבען פאר דעם
צוועק.

founda′tion-stone *n.* (פאונ-דיי′-
שאן-סטאון) א גרונד=שטיין, א ווינקעל=
שטיין.

foun′der *n.* and *v.* א גרינ= (פאונ′-דער)
דער; א מעטאל=שמעלצער אדער מעטאל=
גיסער; די שטייפקייט [א פערד=קראנק=
הייט]; שטייף מאכען [קראנק מאכען א
פערד דורך צופיעל רייטען]; זינקען;
אונטערזינקען [ווי א שיף]; ניט געלינ=
גען.

foun′dery *n.* א מעטאל= (פאונ′-דער-אי)
גיסעריי.

foun′ding *n.* דאס שמעל= (פאונ′-דינג)
צען אדער גיסען מעטאל; מעטאל=גיסעריי.

found′ling *n.* א פינד= (פאונד′-לינג)
לינג, א געפונענעס קינד.

found′ling hos′pital (פאונד′-לינג
האס′-פי-טעל) א פינדלינג=הויז [א הויז
וואו מען ערציהט געפונענע קינדער].

foun′dress *n.* א גרינדע= (פאונ′-דרעס)
רין פון אן אנשטאלט אדער אינסטיטו=
ציאן; א פרוי וואס בעזארגט אן אינסטי=
טוציאן מיט א פאנד.

foun′dry *n.* (פאונ′-דרי) ז. ***foundery***

foun′dryman *n.* א (פאונ′-דרי-מען)
מעטאל=גיסער.

fount *n.* א פאנטאן, א שפרינג= (פאונט)
ברונען, א קוואל; א קוועלע; א פאלשטענ=
דיגע זארטירונג פון דרוק=שריפט.

foun′tain *n.* א פאנטאן, (פאונ′-טיין)
א שפרינג=ברונען, א קוואל; א קוועלע.

foun'tained *a.* (פאונ'-טיינד) וואס האט א פאנטאן.

foun'tainhead *n.* (פאונ'-טיינ-העד) א קוואל; אן אור-קוועלע, אן ערשטע קוועלע.

foun'tainless *a.* (פאונ'-טיינ-לעס) אהן א פאנטאן; אהן קוועלען, אהן שפרינג-ברונעמער.

foun'tainlet *n.* (פאונ'-טיינ-לעט) א קליינער פאנטאן.

foun'tain pen (פאונ'-טיין פען) א פיל-פעדער [א פעדער מיט א הענטעל וואס ווערט אנגעפילט מיט טינט].

foun'tain-shell *n.* (פאונ'-טיינ-שעל) אזא גרויסער ים-מושעל, וואס ווערט בענוצט אלס בעפוצונג אין גערטנער.



Fountain-shell

four *a. and n.* (פאור) די צאהל פיער [4]; א פיערטעל [א קארט אדער דאמינע-ביינדעל מיט פיער פונקטען]; א געשפאן פון פיער פערד.

four'-cor'nered *a.* (פאור'-קאר'-נערד) פיער-עקיג.

four'fold *a., n. and adv.* (פאור'-פאולד) פיערפאך; פיער מאל אזוי פיעל; אין א פיערפאכער מאס.

four'-foot'ed *a.* (פאור'-פוט'-עד) פיער-פיסיג.

four'-han'ded *a.* (פאור'-הענ'-דעד) פיער-הענדיג; געשפיעלט אין פיער הענד.

four'-horse *a.* (פאור'-הארס) געצויגען פון פיער פערד; פון פיער פערד-קראפט.

four hu'mors (פאור יו'-מארז) די פיער זאפטען [בלוט, גאל, פלאגמע און שווארצע גאל] פון מענשליכען קערפער, אין וועלכע די אלטע פארשטעהער פון מעדיצין האבען געזעהען די אורזאכע פון פערשיעדענע מענשליכע טעמפעראמענטען.

Fou'rierism *n.* (פוה'-רי-ער-איזם) פוריעריזם, די קאמוניסטישע סיסטעם פון דעם בעוואוסטען פראנצויזישען סאציאל-פילאזאף שארל פוריע [געבארען אין יאהר 1772, געשטארבען אין 1837]. לויט דעם פלאן פון פוריע דארף די מענשליכע געזעלשאפט ארגאניזירט ווערען אין פאלאנסטערען [קאמוניסטישע קאלאניעס אדער גרופען] אויף דעם גרונד פון פרייען פערזענליכען אויסוואהל און נייגונג. א פאלאנסטער דארף בעשטעהען אונגעפעהר פון 15 ביז 18 הונדערט פערזאן, כדי ער זאל זיין גרויס גענוג צו ענטהאלטען אלע פערשיעדענע אינדוסטריען און זאל קענען בעפריעדיגען אלע סאציאלע פאדערונגען. די וואהנונגען זיינען געמיינשאפטליכע און יעדער איינציגער אין פאלאנסטער קלייבט זיך אוים לויט זיין וואונש און פעהיגקייטען א בעשעפטיגונג, וועלכע איהם געפעלט און ער בעקומט פון דער געמיינשאפט א געוויסען מינימום שפייז, קליידער א. ד. ג. דאס וואס בלייבט איבער פון די געשאפענע פראדוקטען ווערט פערטיילט צווישען די מיטגליעדער ניט אין גלייכע טיילען, נאר פראפארציאנעל לויט דער ארבייט פון יעדען, לויט זיין קאפיטאל, וואס ער האט אריינגעלעגט און לויט זיינע פעהיגקייטען. אלס גרונדלאגע פון דיעזער פוריעריסטישער געזעלשאפט דארף זיין ערד-ארבייט.

Fou'rierist *n.* (פוה'-רי-ער-איסט) א פוריעריסט, אן אנהענגער פון דער פוריעריסטיש-קאמוניסטישער סיסטעם. ז. *Fourierism*.

Fourieris'tic *a.* (פוה-רי-ער-איס'-טיק) וואס איז שייך צו פוריע אדער צו זיין קאמוניסטישער סיסטעם. ז. *Fourierism*.

four'-in-hand' *n., a. and adv.* (פאור'-אינ-הענד') א געשפאן פון פיער פערד געטריבען פון איין מענשען; א לאנגער שניפס אדער קראוואט; פיער-שפאניג; מיט א פיער-שפאן.

four'-o'clock' *n.* (פאור'-א-קלאק') א זעהר שעהנע פלאנצע פון פערו מיט בלומען פון פערשיעדענארטיגע קאלירען, וועלכע עפענען זיך נאכמיטאג; דער לעדער-קאפ [אזא פויגעל. ז. *friar-bird*].

four'-o'clock' tea (פאור'-א-קלאק' טיע) קלאטש טהעע [א טהעע-אונטערהאלטונג פון פרויען נאך מיטאג].

four'pence *n.* (פאור'-פענס) אן ענגלישע מטבע פון 4 פענים [אונגעפעהר 8 אמעריקאנער סענט].

four'-pos'ter *n.* (פאור'-פאוס'-טער) א הימעל-בעט מיט פיער שטאנגען [א גרויס בעט מיט פיער שטאנגען צום אויפהענגען פארהאנגען].

four'rier *n.* (פוהר'-איר) א בעאמטער וואס שטעלט צו שפייז פאר סאלדאטען; א קייזערליכער קוריער.

four'score *a.* (פאור'-סקאור) פיער מאל צוואנציג, אכציג.

four'square *a.* (פאור'-סקוועהר) פיער-עקיג, פיער-קאנטיג, קוואדראטיש.

four'teen *a. and n.* (פאור'-טינ) פיערצעהן; די צאהל פיערצעהן.

four'teenth *n. and a.* (פאור'-טינטה) דער פיערצעהנטער; וואס איז דער פיערצעהנטער.

fourth *n. and a.* (פאורטה) דער פיערטער; א פיערטעל; וואס איז דער פיערטער.

fourth'-class *a.* (פאורטה'-קלעס) פון פיערטען קלאס.

fourth'-class mat'ter (פאורטה'-קלעס מעט'-ער) אין דער פאסט-סיסטעם פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א געגענשטאנד וואס געהערט צו דעם פיערטען קלאס פון פאסט-בעצאהלונג [ווי האנדעלס ארטיקלען, אויסער שריפטען און דרוק-זאכען].

fourth estate' (פאורטה עס-טייט') דער פיערטער שטאנד, דער פראלעטאריאט; דער זשורנאליסטען-קלאס [אלס פיערטע מאכט אין דער געזעלשאפט].

fourth'ly *adv.* (פאורטה'-לי) פיערטענס.

four'-wheeled *a.* (פאור'-הווילד) פיער-רעדעריג; וואס האט פיער רעדער.

four'-whee'ler *n.* (פאור'-הוויע'-לער) א וואגען אויף פיער רעדער.

fo'veate *a.* (פאו'-ווי-אייט) גריבעלדיג; בעדעקט מיט גריבעלעך.

fo'veolate *a.* (פאו'-ווי-א-לייט) ז. *foveate*.

fowl *n. and v.* (פאול) א פויגעל; אן עוף; עופות; פאנגען אדער שיסען פויגלען.

fow'ler *n.* (פאו'-לער) א פויגעל-פאנגער; איינער וואס שיסט פויגלען.

fow'ling *n.* (פאו'-לינג) דאס פאנגען אדער שיסען פויגלען.

fow'ling-bag *n.* (פאו'-לינג-בעג) א יאגד-טאש, א יאגד-זאק.

fow'ling-net *n.* (פאו'-לינג-נעט) א נעץ צו פאנגען פויגלען.

fow'ling-piece *n.* (פאו'-לינג-פיעס) א לייכטע ביקס צום שיסען פויגלען; א בילד פון געשאסענע חיות אדער פויגלען.

fow'ling-shot *n.* (פאו'-לינג-שאט) קליינע שראט צום שיסען פויגלען.

fox *n. and v.* (פאקס) א פוקס; א כיטרער אדער ליסטיגער מענש; א צוזאמענפלעכטונג פון שטריק; יאגען זיך נאך א פוקס איהם צו פאנגען אדער שיסען; בעטריגען, בעשווינדלען; גנב'ענען; פערוועלקט ווערען, אנווערען דעם קאליר [וועגען צופוילטען האלץ אדער פאפיער]; פערזייערט ווערען [וועגען ביער]; ארויפנעהען אויף א שוך אן איבערשט שטיקעל לעדער.

fox about' (פאקס ע-באוט') ארומשפיאנירען.

fox and geese (פאקס ענד גיעס) דער פוקס און די געגנז [אזא שפיעל אויף א ברעטעל מיט פעשקעס ווי ציגען-וואלף].

fox'bane *n.* (פאקס'-ביין) א מין גיפטיג גראז מיט בלויע און געלבע בליטהען אין דער פארם פון גלעקלעך. ווערט געברויכט אין מעדיציין.

fox'-brush *n.* (פאקס'-בראש) דער עק פון א פוקס.

fox'-case *n.* (פאקס'-קייס) די פעל פון א פוקס.

fox'-chase *n.* (פאקס'-טשייס) א יאגד אויף פוקסען.

fox'-dog *n.* (פאקס'-דאג) א מין יאגד-הונד.

fox'-earth *n.* (פאקס'-אוירטה) א פוקס-הויל, א פוקס-נארע.

foxed *a.* (פאקסט) אבגעבליאקעוועט [וועגען צופוילטען האלץ]; וואס האט ליכטיג-ברוינע פלעקען; ארומגענעהט מיט אן אויבערשטען לעדער [ווי א שוך].

fox'-e'vil *n.* (פאקס'-איוול) דאס אויספאלען פון האר. ז. *alopecia*.

fox'fire *n.* (פאקס'-פאיר) דער פאספארישער שיין וואס שטראהלט ארויס פון צופוילטען האלץ.

fox'glove *n.* (פאקס'-גלאוו) דאס פינגערהוט-גראז [א מין גיפטיג גראז מיט רויטע בליטהען אין דער פארם פון לאנגליכע גלעקלעך].

fox'-grape *n.* (פאקס'-גרייפ) א געוויסער מין פון נארד-אמעריקאנישע ווילדע וויינטרויבען.

fox'hound *n.* (פאקס'-האונד) א יאגד-הונד פאר פוקסען.

Foxhound

fox'-hunt *n.* (פאקס'-האנט) דאס געהן אויף יאגד אויף פוקסען.

fox'-hun'ter *n.* (פאקס'-האנ'-טער) א פוקסען-יעגער.

fox'-hun'ting *n. and a.* (פאקס'-האנ'-טינג) דער פוקסען-יאגד; וואס איז שייך צום פוקסען-יאגד.

fox'iness *n.* (פאק'-סי-נעס) ליסטיגקייט, כיטרעקייט; דאס זיין כיטרע ווי א פוקס; דאס זיין פערבליאקעוועט, דאס אנווערען דעם קאליר; זויערקייט, פערזייערונג [ווי פון ביער].

fox'ing *n.* (פאק'-סינג) א שטיקעל לעדער וואס בעדעקט דעם פאדערשטען עק פון א שוך.

fox'-shark *n.* (פאקס'-שארק) דער ים-פוקס [א מין הייפיש פון 12 ביז 15 פוס די לענג, ביי וועלכען דער עק פערנעהמט כמעט א העלפט פון קערפער].

fox'ship *n.* (פאקס'-שיפ) די נאטור פון א פוקס; ליסטיגקייט, כיטרעקייט.

fox'-squir'rel *n.* (פאקס'-סקוואר'-על) א גרויסע נארד-אמעריקאנישע וועווערקע.

fox'tail *n.* (פאקס'-טייל) א פוקסען-עק; א גראז וואס האט בינטלעך בליהונג, וועלכע זיינען ענליך צו דעם עק פון א פוקס.

fox'-ter'rier *n.* (פאקס'-טער'-אי-ער) א הונד פון א געוויסען מין וועלכער ווערט ערצויגען ספעציעל צום יאגד אויף פוקסען.

fox'-trap *n.* (פאקס'-טראפ) א פאסטקע צו כאפען פוקסען.

fox'-trot *n.* (פאקס'-טראט) א קליינער טריט.

fox'wood *n.* (פאקס'-הוואוד) פערפוילט האלץ.

fox'y *a.* (פאק'-אי) ליסטיג אדער כיטרע ווי א פוקס; וואס האט דעם קאליר פון א פוקס; וואס האט א זיסליכען טעם, ווי געוויסע נארד-אמעריקאנישע ווילדע וויינטרויבען; זויער [וועגען פערזייערטען וויין אדער ביער]; פערוועלקט; פערפלעקט.

foyer' *n.* (פוא-יעי') די פאיע [א זאל אין א טעאטער וואו מען שפאצירט ארום אין דער צייט פון אנטראקטען].

fp. אבקירצונג פון *forte-piano*

fra'cas *n.* (פריי'-קעס) א געשלעג; א קריגע מיט ליארם.

frac'ted *a.* (פרעק'-טעד) וואס איז צובראכען; געבראכען.

frac'tion *n.* (פרעק'-שאן) א טיילכעל; אן אבגעזונדערטער טייל פון א גאנצעם; א ברוך-טייל פון א צאהל אדער איינהייט [ווי ½, ⅔, 7/8 א. ד. ג.]; דאס טיילען דאס הייליגע ברויט צום הייליגען אבענדמאהל; דאס ברעכען אין טיילען.

frac'tional *a.* (פרעק'-שאנ-על) געבראכען; וואס געהערט צו א ברוך-צאהל; קליין.

frac'tionally *adv.* (פרעק'-שאנ-על-אי) דורך א ברוך-טייל; טיילוויז.

frac'tionary *a.* (פרעק'-שאנ-איי-רי) וואס איז א ברוך-טייל; וואס בעשטעהט פון א קליינעם טייל; ניט וויכטיג.

frac'tious *a.* (פרעק'-שאס) קריעגזיכטיג; וואס האט א טבע זיך צו קריעגען אדער צו טהאן להכעיס; ווידערשפענסטיג.

frac'tiously *adv.* (פרעק'-שאס-לי) אויף א קריעגזיכטיגען אופן; דורך ווידערשפענסטיגקייט.

frac'tiousness *n.* (פרעק'-שאס-נעס) קריעגזיכטיגקייט; ווידערשפענסטיגקייט; דאס האבען די טבע זיך צו קריעגען.

fractuos'ity *n.* (פרעק-טשו-אס'-אי-טי) דאס זיין צובראכען; צובראכענהייט.

frac'turable *a.* (פרעק'-טשור-עבל) וואס קען צובראכען ווערען.

frac'tural *a.* (פרעק'-טשור-על) וואס איז שייך צו א ברוך; געבראכען.

frac'ture *n. and v.* (פרעק'-טשור) א ברוך; דאס ברעכען; א צובראכענע פלעכע; ברעכען, צוברעכען.

frag'ile *a.* (פרעדזש'-איל) צוברעכליך; שוואך; לייכט צום צוברעכען.

frag'ilely *adv.* (פרעדזש'-איל-לי) אויף א צוברעכליכען אופן; צוברעכליך; שוואך.

frag'ileness *n.* (פרעדזש'-איל-נעס) ז. *fragility*.

fragil'ity *n.* (פרע-דזשיל'-אי-טי) צוברעכליכקייט; שוואכקייט.

frag'ment *n.* (פרעג'-מענט) א פראגמענט, א ברוכשטיק, אן אבגעבראכען שטיק; א ברוכטייל פון א ווערק.

frag'mental *a.* (פרעג'-מענ-טעל) וואס בעשטעהט פון פראגמענטען אדער ברוכשטיקער.

frag'mentarily *adv.* (פרעג'-מענ-טע-רי-לי) אין פראגמענטען אדער ברוכשטיקער.

frag'mentariness *n.* (פרעג'-מענ-טע-רי-נעס) דאס זיין צובראכען, דאס זיין אין ברוכשטיקער.

frag'mentary *a.* (פרעג'-מענ-טע-רי) ז. *fragmental*.

fragmenta'tion *n.* (פרעג-מענ-טיי'-שאן) דאס זיין צובראכען אין ברוכשטיקער אדער פראגמענטען.

fra'gor *n.* (פריי'-גאר) א קראך.

fra'grance *n.* (פריי'-גרענס) א געשמאקער גערוך, אן אנגענעהמער ריח.

fra'grancy *n.* (פריי'-גרענ-סי) ז. *fragrance*.

fra'grant *a.* (פריי'-גרענט) וואס האט א געשמאקען ריח; שמעקעדיג.

fra'grantly *adv.* (פריי'-גרענט-לי) מיט א געשמאקען ריח.

fra'grantness *n.* (פריי'-גרענט-נעס) ז. *fragrance*.

frail *a. and n.* (פרייל) צוברעכליך, צושטערבאר; שוואך; ניט שטאנדהאפט; וואס קען לייכט פאנאנדערפאלען אדער פערניכטעט ווערען; וואס קען גרינג פערפיהרט ווערען; א קערבעל געפלאכטען פון ווייכע ריטלעך; א ריטעל צום פלעכטען קערבלעך.

frail'ly *adv.* (פרייל'-לי) שוואכליך; ניט שטאנדהאפטיג, גרינג צו ווערען פערפיהרט.

frail'ness *n.* (פרייל'-נעס) ז. *frailty*.

frail'ty *n.* (פרייל'-טי) שוואכקייט; ניט שטאנדהאפטיגקייט; דאס קענען לייכט פערפיהרט ווערען; א זינד אדער פעהלער צוליעב שוואכען כאראקטער.

fraim *a.* (פריים) ז. *fremd*.

fraise *n.* (פרייז) אין בעפעסטיגונגסווערק — א צאם פון שפיציגע פלעקער; אזא געצייג ביי מארמאר-שטיין-ארבייטער צו פערגרעסערען געבויערטע לעכער; א פאנקוכען מיט שווייגען-פלייש אינוועניג.

fraised *a.* (פרייזד) בעפעסטיגט מיט א צאם פון שפיציגע פלעקער.

frame *v. and n.* (פריים) איינראהמען, איינפאסען אין א ראהם; צופאסען; צונויפפאסען, צונויפשטעלען; פארמען, בילדען, בויען; אויסטראכטען; אויסדענקען; בעשאפען; א ראהם; דער סקעלעט [פון א געביידע]; די איינארדנונג; די איינריכטונג; א פארם, א געשטאלט; א געשטעל; א געמיטס-צושטאנד, שטימונג.

framed and glazed (פריימד ענד גלייזד) פיקס און פארטיג.

frame'-house *n.* (פריים'-האוס) א הילצערנע הויז וואס ווערט צוערשט צונויפגעשטעלט ווי א ראהם און בעדעקט מיט ברעטער.

frame'-ma'ker *n.* (פריים'-מיי'-קער) א ראהמען-מאכער.

fra'mer *n.* (פריי'-מער) אן איינראהמער [איינער וואס פאסט איין אין א ראהם]; א פערפארטיגער; אן איינריכטער; אן ערפינדער, א שעפפער.

frame'-saw *n.* (פריים'-סאה) א געשטעל-זעג אדער ראהם-זעג [א זעג איינגעפאסט אין א געשטעל].

frame'-tim'ber *n.* (פריים'-טימ'-בער) דאס האלץ פון עס ווערט געמאכט דער סקעלעט [ראהם] פון א הויז אדער שיף.

frame'work *n.* (פריים'-הוואירק) ראהמען-ווערק; א ראהם, א סקעלעט.
The bones are the **framework** of the body.

fra'ming *n.* (פריי'-מינג) א ראהמען-ווערק; דאס צונויפשטעלען א ראהם.

franc *n.* (פרענק) א פראנק [א פראנצויזישע זילבערנע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 20 אמעריקאנישע סענט].

France *n.* (פרענס) פראנקרייך.

fran'chise *n.* (פרענ'-טשיז) א קאנצעסיע, לגאטע אדער פריווילעגיע וואס ווערט געגעבען אן איינצעלנער פערזאן אדער געזעלשאפט; א פאליטיש רעכט וואס דאס פאלק האט [ווי שטים-רעכט]; די טעריטאריע אדער בעצירק אויף וועלכע אימעצער האט בעקומען א קאנצעסיע; א שוץ-פלאץ וואו א פערזאן איז געשיצט ניט צו קענען ארעסטירט ווערען.

fran'chisement *n.* (פרענ'-טשיז-מענט) בעפרייאונג [פון א לאסט אדער בעשרענקונג].

Francis'can *a. and n.* (פרענ-סיס'-קען) וואס געהערט צו דעם מאנאכען-ארדער פון דעם הייליגען פראנציס; א מיטגליעד פון דיזען ארדער, א פראנציסקאנער גלח.

fran'colin *n.* (פרענ'-קא-לין) די פראנקאלין-הוהן [אזא הוהן מיט זעהר שעהן-קאלירטע פעדערען און א לענגליכען עק. געפינט זיך הויפטזעכליך אין אזיען].

fran'gent *a.* (פרענ'-דזשענט) וואס צוברעכט, וואס פעראורזאכט, אז עס זאל צובראכען ווערען.

frangibil'ity *n.* (פרענ-דזשי-ביל'-אי-טי) צוברעכליכקייט.

fran'gible *a.* (פרענ'-דזשיבל) צוברעכליך, וואס קען צובראכען ווערען.

fran'gibleness *n.* (פרענ'-דזשיבל-נעס) ז. *frangibility*.

frangipa'ni *n.* (פרענ-דזשי-פא'-ני) א מין פארפומע וואס ווערט געמאכט פון וועסט-אינדישען רויטען יאסמין.

Frank *n.* (פרענק) א פראנק, א מיטגליעד פון די גערמאנישע שבטים וואס האבען זיך בעזעצט אויף דעם טייך רהיין אין דעם 5טען יאהרהונדערט; אן אייראפעער אין די אריענטאלישע לענדער.

glaze *v. and n.* (גלייז) אנגלאָזען, אריינ־שטעלען שויבען, בעדעקען מיט גלאָז; אי־בערציהען מיט גלאַזור, ארויפציהען א גלאַנץ; ווערען איבערגעצויגען מיט גלאַ־זור, בעקומען א גלאַנציגען אויסזעהן; אין אויל־מאָהלעריי — בעדעקען א בילד מיט א דינער דורכזיכטיגער פאַרבען־שיכט; גלאַזור; פּאָלירטקייט, גלאַנציגקייט; אין אויל־מאָהלעריי — א דינע דורכזיכטיגע פאַרבען־שיכט אויף א בילד.

gla'zer *n.* (גליי'-זער) א גלאזירער [וואס בעדעקט געשיר מיט גלאזור]; א פאליר-ראד.

gla'zier *n.* (גליי'-זשער) א גלעזער; א גלאזירער.

gla'zing *n.* (גליי'-זינג) דאס גלאזירען, גלאזירונג; דאס אנגלאזען, דאס ארײנשטעלען שויבען; גלאז-ארבייט; שויבען; אין אויל-מאהלעריי — דאס בעדעקען א בילד מיט א דינער דורכזיכטיגער פארבען-שיכט.

gla'zing-cal'ender *n.* (גליי'-זינג-קעל'-ען-דער) א פרעס, וואס מען בענוצט צו מאכען פאפיער אדער אנדערע שטאפען גלאנציג.

gla'zing-machine' *n.* (גליי'-זינג-מע-שין') א מאשין צו מאכען פאפיער גלאט און גלאנציג.

gleam *n. and v.* (גליעם) העלקייט, גלאנץ; א שיין, א שטראהל, א שימער; א בליץ, א בליצארטיגער פלעצליכער אויסברוך; שיינען, פינקלען, שטראהלען, גלאנצען; אויפבליצען, פלעצליך ערשיינען.

glea'ming *n.* (גליע'-מינג) א שימער, א שיין, א שטראהל.

glea'my *a.* (גליע'-מי) שטראהלענד, פינקלענד, שימערענד.

glean *v. and n.* (גליען) נאכזאמלען, זאמלען די פערבליבענע זאנגען אויף'ן פעלד; צונויפקלייבען [ווייט פאנאנדערגעווארפענע זאכען]; זאמלען לאנגזאם און געדולדיג; א בינטעל תבואה צונויפגעקליבען פון א נאכזאמלער; עטוואס וואס ווערט צונויפגעקליבען [ווענען ווייט-פאנאנדערגעווארפענע זאכען]; נאכגעבורט, ארט, שליה [ביי הויז-טהיערע].

glea'ner *n.* (גליע'-נער) א נאכזאמלער [איינער וואס זאמלעט צונויף די איבערגעבליבענע זאנגען אויף די פעלדער]; איינער וואס זאמלעט איבערגעבליבענע אדער ווייט-פאנאנדערגעווארפענע זאכען; א זאמלער; איינער וואס זאמלעט לאנגזאם און געדולדיג; א גראבליע אדער ווידלע צו כאפען אוסטריצעס.

glea'ning *n.* (גליע'-נינג) די זאמלונג פון איבערגעבליבענע אדער פאנאנדערגעווארפענע זאכען [הויפטזעכליך ווענען זאנגען]; א זאמלונג [הויפטזעכליך פון פאנאנדערגעווארפענע זאכען].

glebe *n.* (גליעב) ערד-באדען; קולטיווירטער באדען; טארף; ערד וואס ענטהאלט מינעראלען; קירכען-לאנד.

glebe'-land *n.* (גליעב'-לענד) קירכען-לאנד.

gle'bous *a.* (גליע'-באס) פול מיט טארף.

gle'by *a.* (גליע'-בי) ז. *glebous*

glede *n.* (גליעד) אזא מין שפארבער אדער קארשון [אזא רויב-פויגעל].

glee *n.* (גליע) פרייד, לוסטיגקייט; א רונד-געזאנג, א געזעלשאפט-געזאנג.

glee'-club *n.* (גליע'-קלאב) א געזאנג-פעראיין.

gleed *n.* (גליעד) א גליהענדע קויהל; א פלאם, א גלוט; א מין שפארבער [אזא רויב-פויגעל].

glee'ful *a.* (גליע'-פול) לוסטיג, פרעהליך.

glee'fully *adv.* (גליע'-פול-אי) אויף א לוסטיגען, פרעהליכען שטייגער.

gleek *n. and v.* (גליעק) אזא קארטען-שפיעל [פון דריי פערזאן מיט 40 קארטען]; דריי קארטען פון דעמזעלבען מין אין דיעזען שפיעל; בעקומען די אויבערהאנד אין דיעזען שפיעל.

glee'man *n.* (גליע'-מען) א זינגער; אין די אמאליגע צייטען — א וואנדערענדער זינגער.

glee'some *a.* (גליע'-סאם) פרעהליך, לוסטיג.

gleet *n.* (גליעט) אייטער, פלוס, פלאגמע [הויפטזעכליך וואס קומט פון אורין-קאנאל ביי דער ווענערישער קראנקהייט גאנארעהע אדער טריפער].

glee'ty *a.* (גליע'-טי) אייטעריג, פלוסיג. ז. *gleet*

glen *n.* (גלען) א שמאלער טהאל צווישען בערג.

gle'ne *n.* (גליע'-ניע) דאס אויג, דער שווארצאפעל; א קליינע פערטיעפונג אין וועלכער עס קומט אריין א ביין.

glib *a. and n.* (גליב) גלאט; גליטשיג; פליסיג, געלויפיג; א לאק האר, וואס פאלט אויף די אויגען; א מענש וואס טראגט אזא לאק האר.

glib'ly *adv.* (גליב'-לי) זיך גליטשענדיג; אויף א פליסיגען, געלויפיגען שטייגער.

glib'ness *n.* (גליב'-נעס) גליטשיגקייט; געשווינדקייט, געלויפיגקייט.

glide *v. and n.* (גלאיד) גליטשען, פליסען; זיך לייכט בעוועגען; אין מוזיק — איבערגעהען פון איין טאן צום צווייטען אהן אן אונטערברעכונג; דאס גליטשען, דאס שוועבען, דאס פליסען; אין מוזיק — דאס פערבינדען צוויי טענער, וואס פאלגען איינער נאך'ן אנדערען, אהן אן אונטערברעכונג; אין טאנצען — א מין לייכטער וואלץ.

glide in'to (גלאיד אינ'-טו) זיך אריינגליטשען, אונבעמערקט איבערגעהען אין עפעס.

gli'der *n.* (גלאי'-דער) דער אדער דאס וואס גליטשט זיך.

gli'dingly *adv.* (גלאי'-דינג-לי) אויף א גליטשיגען, פליסענדען שטייגער.

glim'mer *v. and n.* (גלימ'-ער) גלימערען, שיינען אדער ברענען שוואך; א גלימער, דאס שוואכע שיינען אדער ברענען [פון א ליכט]; גלימער [א מין שטיין וועלכער שפאלט זיך אויף דינע בלעטער וועלכע זיינען דורכזיכטיג ווי גלאז. ווערט געברויכט פאר אויוען-שייבליך].

glim'mering *n.* (גלימ'-ער-אינג) דאס גלימערען, דאס שוואכע שיינען אדער ברענען.

glim'meringly *adv.* (גלימ'-ער-אינג-לי) שימערענד, גלימערענד.

glimpse *v. and n.* (גלימפס) שימערען; גלימערען; בעווייזען זיך מאמענטאל און פערשווינדען; ווארפען א בליק; א קוק טהאן פארבייגעהענדיג; דער שימער, דאס גלימערען; דאס ווארפען א בליק אויף עפעס; א שוואכע פארשטעלונג ווענען עפעס.

glimpse of hope (גלימפס אוו האופ) א האפנונגס-שטראהל.

glint *v. and n.* (גלינט) אבשיינען; גלאנצען; שיינען; אבווארפען א שטראהל; דאס שימערען; אן אבשיין.

gli'rine *a.* (גלאי'-רין) עהנליך צו א שלאף-מויז אדער וועווערקע-מויז [ז. *dormouse*]; גריזשענד, וואס איז שייך צו גריזשענדע חיה'לעך.

glissade' *n.* (גלי-סייד') א גליטש, דאס גליטשען זיך; אין טאנצען — א גליטש מיט א פוס; אין מוזיק — דאס לייכטע און שנעלע אריבערלויפען מיט די שפיצען פינגער איבער די קלאווישען [ז. *glissando*].

glissan'do *n.* (גלי-סענ'-דאו) אין פיאנא-שפיעל — דאס איבערלויפען שנעל און לייכט מיט די שפיצען פינגער איבער די קלאווישען; דאס שנעל שפיעלען מיט איין בויגען-בעוועגונג עטליכע נאטען [אויף'ן פיעדעל].

glissaune' *n.* (גלי-סאהן') דער שווארצער מערלאן [אזא גרויסער שטאק-פיש]. ז. *coal-fish*

glist *n.* (גליסט) דער גלימער [א שטיין, וועלכער שפאלט זיך אויף דינע דורכזיכטיגע בלעטלעך].

glis'ten *v.* (גליסן) שטראהלען, גלענצען, שימערען.

glit'ter *v. and n.* (גליט'-ער) בלישטשען, גלענצען; האבען א גלאנציגען אויסזעהן, זיין גלענצענד; גלאנץ; א בלישטשענדער אויסזעהן.

glit'tering *a.* (גליט'-ער-אינג) בלישטשענד, גלענצענד.

glit'tering general'ities (גליט'-ער-אינג דזשענ-ע-רעל'-אי-טיז) קלינגענדע פראזען, הויכע מליצות.

glit'teringly *adv.* (גליט'-ער-אינג-לי) אויף א גלענצענדער ארט.

glit'tery *a.* (גליט'-ער-אי) בלאנקעט, וואס בלישטשעט.

gloam *n. and v.* (גלאום) די דעמערונג, בין-השמשות; די צייט פון אונטערגאנג; פינסטער ווערען.

gloa'ming *n.* (גלאו'-מינג) דעמערונג, דונקעלקייט, בין-השמשות; די אונטערגאנגס-צייט.

gloat *v.* (גלאוט) אויסגלאצען די אויגען; ניט ארונטערנעהמען דעם בליק; קוקען אויף עפעס מיט אן אינערליכער פרייד.

glo'bal *a.* (גלאו'-בעל) קוגעל-פערמיג; ווי א קויל; פערשפרייט איבער דער גאנצער ערד אדער וועלט; וואס איז שייך צו דער ערד אדער וועלט.

glo'bate *a.* (גלאו'-בייט) וואס האט די פארם פון א קויל; ספעריש; קיילעכדיג.

glo'bated *a.* (גלאו'-ביי-טעד) ז. *globate*

globe *n.* (גלאוב) א קויל, א קוגעל, א קיילעכדיגע זאך; די ערד; א גלאבוס [א קיילעכדיגע פיגור וואס שטעלט פאר די ערד].

Globe

globe'-am'aranth *n.* (גלאוב'-עמ'-ע-רענטה) די רויטע אימארטעלע [א פלאנצע מיט פיעל ווייסע און רויטע בלומען, וועלכע ווערען ניט פערוועלקט א לאנגע צייט נאכדעם ווי מען האט זיי אבגעריסען].

globe'-an'imal *n.* (גלאוב'-ענ'-אי-מעל) דאס קוגעלטהיערכען [א קליינע קוגעל־

פערמיגע פלאנצע, וועלכע מען האט אמאל געהאלטען פאר א חיה].

globed *a.* (גלאובד) קיילעכדיג, קוגעל־ארטיג.

globe'-fish *n.* (גלאוב'־פיש) דער קוגעל־פיש [ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם וואס ער קען זיך אנבלאזען אזוי, אז ער זעהט אויס כמעט ווי א פאלשטענדיגער קוגעל].



Globe-fish

globe'-flow'er *n.* (גלאוב'־פלאו'־ער) די קוגעל־בלום [א מין אייראפעאישע בערג־פלאנצע מיט טונקעל־געלבע בלומען].

Globe-flower

globe of the eye (גלאוב אוו טהי אי) דער אויג־אפעל.

globe'-this'tle *n.* (גלאוב'־טהיסל) דער קוגעל־דארן [א פלאנצע, וועלכע האט שטעכיגע בלעטער און קוגעל־פערמיגע בליטהען, וואקסט אין די געגענדען פון מיטעללענדישען ים].

Globe-thistle

globe'-trot'ter *n.* (גלאוב'־טראט'־ער) דער וואס טרעט אויס די גאנצע ערד; א טוריסט, איינער וואס פאהרט ארום אויף לוסט־רייזען.

globose' *a.* (גלא־באוס') קוגעלפערמיג, קיילעכדיג, רונד.

globos'ity *n.* (גלא־באס'־אי־טי) רונדקייט, קיילעכדיגקייט.

glob'ular *a.* (גלאב'־יו־לאר) ז. *globose*.

glob'ularness *n.* (גלאב'־יו־לאר־נעס) קיילעכדיגקייט, קוגעל־פערמיגקייט.

glob'ule *n.* (גלאב'־יול) א קיילכעלע.

glob'ulin *n.* (גלאב'־יו־לין) גלאבולין [א מין איי־ווייסער שטאף, וואס געפינט זיך אין בלוט, אין די מוסקולען און אין דער קריסטאל־לינזע פון אויג].

glob'ulet *n.* (גלאב'־יו־לעט) א קיילכעלע.

glob'ulism *n.* (גלאב'־יו־ליזם) דאס צוריכטען מעדיצין אין פילען.

glo'bus *n.* (גלאו'־באס) א גלאבוס, א קוגעל, א באל.

glo'by *a.* (גלאו'־בי) רונד, קיילעכדיג; וואס האט די פארם פון א גלאבוס אדער באל.

glom'erate *v. and a.* (גלאמ'־ע־רייט) צונויפוויקלען אין א קנויל; צונויפקנוילען; קנוילען־פערמיג [וועגען פלאנצען, ווי קרויט למשל]; וואס איז ווי א קנויל [וועגען דריזען אדער מאנדלען פון קערפער].

glom'erous *a.* (גלאמ'־ע־ראס) צונויפגעקנוילט.

glomer'ulate *a.* (גלא־מער'־או־לייט) געפארעמט אין קנוילען אדער קעפלעך.

glom'erule *n.* (גלאמ'־ע־רול) א קנויל; א בליטהען־קאפ [ביי געוויסע פלאנצען].

Glomerule

glomer'ulus *n.* (גלא־מער'־או־לאס) א קנויל; א קנויל־פערמיגע מאסע.

gloom *n. and v.* (גלוהם) פינסטערקייט, דונקעלהייט; טרויעריגקייט, בעטריבטהייט; געדריקטע שטימונג; ווערען דונקעל אדער פינסטער; זיין אומעדיג; ווערען מעלאנכאליש; פינסטער אדער דונקעל מאכען, פערדונקלען, פערפינסטערען; מאכען טרויעריג אדער בעטריבט.

gloom'ily *adv.* (גלוהמ'־אי־לי) פינסטערליך, דונקעל; בעטריבט, טרויעריג.

gloom'iness *n.* (גלוהמ'־אי־נעס) פינסטערקייט, דונקעלהייט; טרויעריגקייט, בעטריבטהייט.

gloom'ing *a.* (גלוהמ'־אינג) ז. ***gloomy***.

gloom'y *a.* (גלוהמ'־אי) פינסטער, דונקעל; טרויעריג, אומעדיג, מעלאנכאליש.

glo'ria *n.* (גלאו'־רי־א) א שבח, א לויב־געזאנג צו גאט.

glorifica'tion *n.* (גלאו־רי־פי־קיי'־שאן) דאס ריהמען; דאס זינגען לויב־געזאנגען; דאס הויבען אין הימעל אריין; דאס בעדעקען מיט גלאריע [רוהם].

glo'rifier *n.* (גלאו'־רי־פאי־ער) איינער וואס ריהמט אדער זינגט לויב־געזאנגען.

glo'rify *v.* (גלאו'־רי־פאי) ריהמען, לויבען, זינגען לויב־געזאנגען, בעדעקען מיט שבחים; הויבען אין הימעל אריין.

glo'rious *a.* (גלאו'־רי־אס) הערליך, בעריהמט, גלאררייך, פרעכטיג, ערהאבען, וואונדער־שעהן.

glo'rious drunk (גלאו'־רי־אס דראנק) בגילופין, שכור'לעך, אין זיעבענטען הימעל.

glo'riously *adv.* (גלאו'־רי־אס־לי) אויף א גלאררייכען אדער גלענצענדען אופן; פרעכטיג, הערליך, ערהאבען.

glo'riousness *n.* (גלאו'־רי־אס־נעס) גלאריע, הערליכקייט, פראכט.

glo'ry *n. and v.* (גלאו'־רי) גלאריע, רוהם, עהרע, הערליכקייט, גלאנץ, פראכט; די הימלישע הערליכקייט, דאס הימלישע גליק; א שטראהלען־קרוין [ווי הייליגע ווערען געמאהלען]; זיך פרעהען, טריאומפירען; זיך ריהמען, זיך פראהלען.

glo'ry in (גלאו'־רי אין) פרעהען זיך; טריאומפירען; בעריהמען זיך, פראהלען זיך [מיט עטוואס].

gloss *n. and v.* (גלאס) דאס גלאנץ; א אויסערליכע אויסזעהען; אן ערקלערונג, א ביאור, א פירוש; א ראנד־בעמערקונג וואס ערקלערט א ווארט אדער א זאץ פון טעקסט; א פאלשער פירוש, א פאלשע אויסטייטשונג; צוגעבען אן אויסערליכען גלאנץ; בעהאלטען דעם ריכטיגען אויסזעהן אונטער דעם אויסערליכען גלאנץ; ערקלערען, מאכען א פירוש; ערקלערען דורך א ראנד־בעמערקונג אדער אן אילוסטראציאן.

glos'sa *n.* (גלאס'־א) — אין אנאטאמיע א צונג; דער פאדערשטער טייל פון'ם צינגעל ביי אן אינזעקט.

glossa'rial *a.* (גלא־סיי'־רי־על) וואס געהערט צו אן ערקלערונגס ווערטער־בוך.

glossa'rian *n.* (גלא־סיי'־רי־ען) ז. ***glossarist***.

glos'sarist *n.* (גלאס'־ע־ריסט) א קאמענטאטאר אדער פירושים שרייבער; אן אויסטייטשער, אן ערקלערער; א פערפאסער פון אן ערקלערונגס ווערטער־בוך.

glossa'rium *n.* (גלא־סיי'־רי־אם) דאס שטעכערל [צינגעל] פון א קאמאר [מוק] אדער פון עהנליכע אינזעקטען.

glos'sary *n.* (גלאס'־ע־רי) אן ערקלערונגס ווערטער־בוך [הויפטזעכליך פון ניט אלגעמיין געברויכליכע ווערטער].

glossa'tor *n.* (גלא־סיי'־טאר) ז. ***glossarist***.

glossed *a.* (גלאסט) וואס האט א זיידען־גלאנץ [וועגען געוויסע אינזעקטען].

gloss'er *n.* (גלאס'־ער) א פאלירער, איינער וואס לעגט ארויף א גלאנץ; אן ערקלערער, אן אויסטייטשער; א קאמענטאטאר אדער פירושים־שרייבער.

gloss'ily *adv.* (גלאס'־אי־לי) אויף א גלאנציגען אופן; גלענצענדיג.

gloss'iness *n.* (גלאס'־אי־נעס) גלאנציגקייט, פאלירטקייט.

glos'sing *n.* (גלאס'־אינג) דאס מאכען גלאט און גלאנציג זיידענס, נאכדעם ווי עס איז געפארבט און געטריקענט.

glos'sist *n.* (גלאס'־איסט) א קאמענטאטאר אדער פירושים־שרייבער.

glossi'tis *n.* (גלא־סאי'־טיס) אן ענטצינדונג פון דער צונג.

glos'sograph *n.* (גלאס'־א־גרעף) אן אינסטרומענט צו פערצייכענען די בעוועגונגען פון דער צונג, ווען זי האלט אין ריידען; א קאמענטאטאר אדער פירושים־שרייבער.

glossog'rapher *n.* (גלא־סאג'־רע־פער) א קאמענטאטאר אדער פירושים־שרייבער; איינער וואס שרייבט וועגען דער צונג און איהרע קראנקהייטען.

glossograph'ical *a.* (גלא־סא־גרעפ'־אי־קעל) וואס איז שייך צו די ערקלערונגען און פירושים פון ווערטער.

glossog'raphy *n.* (גלא־סאג'־רע־פי) דאס שרייבען קאמענטארען אדער פירושים; א בעשרייבונג פון דער צונג.

glossolog'ical *a.* (גלא־סא־לאדזש'־אי־קעל) וואס איז שייך צו ערקלערונגען און פירושים פון ווערטער, דיאלעקטען, אויסדריקע א. ד. ג.; וואס איז שייך צו דער שפראכען־וויסענשאפט אדער פילאלאגיע.

glossol'ogist *n.* (גלא־סאל'־א־דזשיסט) איינער וואס שרייבט ערקלערונגען אדער פירושים אויף ווערטער; א שפראך־קענער, א פילאלאג.

glossol'ogy *n.* (גלא־סאל'־א־דזשי) שפראך־וויסענשאפט, פילאלאגיע; די וויסענשאפט פון קלאסיפיצירען און פערגלייכען פערשיעדענע שפראכען; די קענטשאפט פון שרייבען קאמענטארען אדער פירושים אויף ווערטער, דיאלעקטען א. ד. ג.

glossot'omy *n.* (גלא־סאט'־א־מי) אן אפעראציע אויף דער צונג; דאס אויסשניידען די צונג.

gloss'y *a.* (גלאס'־אי) גלאנציג, גלאט, פאלירט; וואס האט א גלאנציגען אויסזעהן.

glost *n.* (גלאסט) גלייז, גלאזור [פון ליי⸗מענע כלים].

glot'tal *a.* (גלאט'-על) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון דער האלז⸗לופט⸗רעהר [בעזאנדערס ווענען קלאנגען אדער בוכשטאבען].

glot'tis *n.* (גלאט'-איס) די עפנונג פון דער האלז⸗לופט⸗רעהר.

glottogon'ic *a.* (גלאט-א-גאנ'-איק) וואס איז שייך צו דער ענטשטעהונג פון שפראכען.

glottolog'ic *a.* (גלאט-א-לאדזש'-איק) ז. *glossological*

glottolog'ical *a.* (גלאט-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *glossological*

glout *v.* (גלאוט) אנקוקען מיט אויסגע⸗גלאצטע אויגען אדער מיט שטארע בליקען; אנבלאזען די ליפען.

glove *n. and v.* (גלאוו) א הענטשקע, א האנדשוה; אנטהאן הענטשקעס.

glove'-band *n.* (גלאוו'-בענד) א באנד, מיט וועלכען מען פלעגט פארצייטען צו⸗בינדען די הענטשקעס צום האנד⸗געלענק.

glove'-but'toner *n.* (גלאוו'-באט'נ-ער) א האנדשוה⸗פערקנעפלער [אזא קליינער האקען צום פערקנעפלען הענטשקעס].

glove'-calf *n.* (גלאוו'-קאהף) ז. *glove-sheep*

glove'-clasp *n.* (גלאוו'-קלעספ) א באנד מיט וועלכען מען פלעגט אמאליגע צייטען צובינדען די הענטשקעס צום האנד⸗געלענק; א האנדשוה⸗פערקנעפלער [אזא קליינער האקען צום פערקנעפלען הענטשקעס].

glove'-fight *n.* (גלאוו'-פאיט) א באקס⸗קאמפף מיט הענטשקעס.

glove'-hook *n.* (גלאוו'-הוק) א האנדשוה⸗פערקנעפלער [אזא קליינער האקען צום פערקנעפלען הענטשקעס].

glove'-leath'er *n.* (גלאוו'-לעטה'-ער) האנדשוה⸗לעדער.

glove'-mon'ey *n.* (גלאוו'-מאנ'-אי) טרינקגעלד; אן עקסטרא בעלוינונג.

glove'-of-mail' *n.* (גלאוו'-אוו-מייל') א פאנצער⸗הענטשקע. ז. *gauntlet*

glov'er *n.* (גלאוו'-ער) א הענטשקע אדער האנדשוה⸗מאכער.

glov'er's stitch (גלאוו'-ערז סטיטש) א זוים⸗נאהט פון א הענטשקע; א נאהט פון א פערנעהטער וואונד וואס ווערט גע⸗מאכט עהנליך צו דער זוים⸗נאהט פון א הענטשקע.

glove'-sheep *n.* (גלאוו'-שיעפ) א מין מאראקא⸗לעדער.

glove'-sil'ver *n.* (גלאוו'-סיל'-ווער) ז. *glove-money*

glove'-stretch'er *n.* (גלאוו'-סטרעטש'-ער) א הענטשקע⸗אויסציהער [אזא געצייג צום פאנאנדערציהען הענטשקעס].

glov'ing *n.* (גלאוו'-אינג) דאס מאכען הענטשקעס; הענטשקעס⸗פראדוקציאן.

glow *n. and v.* (גלאו) גליהען, ברענען; ווערען היציג אדער אויפגערעגט [פון א שטארקען געפיהל]; גלוטה; רויטקייט; אן אויפרעגונג אדער דערהיצונג פון גע⸗פיהלען; התלהבות.

glow'er *v. and n.* (גלאו'-ער) בייז אדער צארנדיג אנקוקען; א בייזער אדער צארנ⸗דיגער בליק.

glow'ing *n.* (גלאו'-אינג) דאס גליהען; התלהבות, היץ.

glow'ingly *adv.* (גלאו'-אינג-לי) גלי⸗הענדיג; ברענענדיג; מיט גרויס היץ, מיט התלהבות.

glow'-lamp *n.* (גלאו'-לעמפ) אן עלעק⸗טריש גליה⸗לעמפעל [דאס געוועהנליכע לופט⸗לעערע עלעקטרישע לעמפעל, וואס האט אין זיך א דרעטעל וואס גליהט פון דעם עלעקטרישען שטראם, וועלכער פליסט דורך איהם].

glow'-worm *n.* (גלאו'-הוואירם) דער גליה⸗ווארים [אזא ווערימעל אדער פלי⸗געלע וואס גליהט מיט א גרינליכען שיין].

1, male. 2, female.

Glow-worms

Gloxin'ia *n.* (גלאק-סינ'-אי-א) די גלאק⸗סיניען⸗פלאנצען [א געוויסער מין טרא⸗פישע בלומען⸗פלאנצען אהן שטאם⸗שטענג⸗לעך. זיי האבען גרויסע אויסגעשפרייטע בלעטער און גרויסע גלאקען⸗פערמיגע בליהונג].

gloze *v.* (גלאוז) שמייכלען, חנפ'ענען; ריידען מיט חניפה; בעדעקען מיט א גלאנץ, פערשעהנערען, צוגעבען א שעהנעם אויס⸗זעהן.

glo'zing *n.* (גלאו'-זינג) חניפה; שמייכ⸗לעריי.

gluci'num *n.* (גלו-סאי'-נאם) גלוסינום אדער בעריליום [אזא ווייסער הארטער מעטאל, איינער פון די כעמישע עלעמענ⸗טען].

glu'cose *n.* (גלו'-קאוס) דער צוקער⸗שטאף וואס געפינט זיך אין פלאנצען, האניג און אויך אין דעם ארגאניזם פון לעבעדיגע בעשעפענישען; א געוויסע כעמישע צוקער⸗פערבינדונג.

glue *n. and v.* (גלו) קליי [צום קלע⸗פען]; צוקלייען, צוזאמענקלעפען; פעראיי⸗ניגען.

glue'-boi'ler *n.* (גלו'-באי'-לער) א קליי⸗זידער, א קליי⸗קאכער.

glue'-pot *n.* (גלו'-פאט) א קליי⸗טעפעל.

glu'er *n.* (גלו'-ער) א צוזאמענקלעפער.

glue'-stock *n.* (גלו'-סטאק) דאס מאטע⸗ריאל פון וואס קליי ווערט געמאכט.

glu'ey *a.* (גלו'-אי) קלייאיג, קלעפעדיג.

glu'eyness *n.* (גלו'-אי-נעס) קלעפעדיג⸗קייט; דאס זיין קלעפיג ווי קליי.

glu'ish *a.* (גלו'-איש) קלעפעדיג, קליי⸗איג.

glum *a.* (גלאם) פערדריסליך, פערזויערט, ערגערליך, ברוגז'דיג, אנגעכמורעט.

gluma'ceous *a.* (גלו-מיי'-שיאס) וואס האט בלומען⸗שאלעכצען [ווענען בליהונג וואס זיינען פון אויסען בעדעקט מיט א שאלעכץ]. ז. *glume*

glu'mal *a.* (גלו'-מעל) ז. *glumaceous*

glume *n.* (גלום) א בלומען⸗שאלעכץ [א שא'עכץ וואס בע⸗דעקט די בליהונג אדער אין וועלכען עס געפינען זיך די זוימען פון געוויסע גראזען].



Glumes

glum'ly *adv.* (גלאמ'-לי) אויף א פער⸗זויערטען, אנגעכמורעטען אדער אנגע⸗ברוגז'טען אופן.

glum'ness *n.* (גלאמ'-נעס) ברוגז'דיג⸗קייט, פערזויערטקייט, פערדריסליכקייט.

glu'mose *a.* (גלוה'-מאוס) ז. *glumaceous*

glu'mous *a.* (גלו'-מאס) ז. *glumaceous*

glump *v.* (גלאמפ) אנגע'ברוגז'ט, אויס⸗קוקען פערכמורעט.

glum'pish *a.* (גלאמ'-פיש) אנגע'ברוגז'ט, פערכמורעט.

glumps *n.* (גלאמפס) דאס זיין פער⸗כמורעט, פער'ברוגז'ט אדער פערזויערט; דאס זיין ניט אין גוטער שטימונג.
He is in the glumps.

glum'py *a.* (גלאמ'-פי) אנגע'ברוגז'ט, פערכמורעט.

glut *v. and n.* (גלאט) איבערפילען, איבערלאדען, אנזעטיגען; פרעסען, עסען מיט'ן פולען מויל; איבערפלוס; אנזעטי⸗גונג; פולבלוטיגקייט, פולזאפטיגקייט; א הילצערנער קלין; א שטיק האלץ, מיט וועלכען מען הויבט אויף משא אויף א שיף; א קליינער שטיין אדער ציגעל, מיט וועלכען מען פערלעגט א לאך אין א וואנד אדער א ברוק; דער אבפאל אדער אבוואורף פון פיש.

glute'al *a.* (גלו-טי'-על) וואס געהערט צום הינטער⸗חלק אדער זאד.

glute'an *a.* (גלו-טי'-ען) ז. *gluteal*

glu'ten *n.* (גלוה'-טען) קליי⸗שטאף [א וייכער, קלעפיגער, איי⸗ווייסער שטאף, וועלכער בעקומט זיך פון די זאמען⸗קער⸗נער פון ווייץ, קארן א. ד. ג., ווען מען וויקט זיי אין וואסער].

glu'ten-bread *n.* (גלוה'-טען-ברעד) א מין ברויט, וואס ענטהאלט אין זיך פיעל קליי⸗שטאף. ז. *gluten*

glu'tinose *a.* (גלוה'-טי-נאוס) ז. *glutinous*

glutinos'ity *n.* (גלוה-טי-נאס'-אי-טי) קלעפיגקייט, קלייאיגקייט.

glu'tinous *a.* (גלוה'-טי-נאס) קלעפיג, קלייאיג; וואס האט די אייגענשאפטען פון קליי; בעדעקט מיט קלעפיגען שוויים.

glu'tinousness *n.* (גלוה'-טי-נאס-נעס) ז. *glutinosity*

glut'man *n.* (גלאט'-מען) אין ענגלישען צאל⸗אמט — א ספעציעלער בעאמטער וואס ווערט בעשעפטיגט, ווען עס איז פאראן צופיעל ארבייט.

glut one's self with (גלאט הוואנז סעלף הוויטה) זיך איבערזעטיגען מיט עפעס.

glut the mar'ket (גלאט טהי מאר'-קעט) איבערפילען דעם מארק [מיט סחורות].

glut'ton *n.* (גלאטן) א זולל וסובא, א פרעסער; דער פיעל⸗פרעסער [אזא חיה וואס פרעסט זעהר פיעל].

glut'tonise *v.* (גלאט'נ-איז) ז. *gluttonize*

glut'tonize *v.* (גלאט'נ-איז) פרעסען.

glut'tonous *a.* (גלאט'נ-אס) פרעסעריש.

glut'tonously *adv.* (גלאט'נ-אס-לי) מעשה זולל וסובא; מיט פרעסעריי.

glut'tonousness *n.* (גלאט'נ-אס-נעס) ז. *gluttony*

glut'tony *n.* (גלאט'נ-אי) פרעסעריי און זויפעריי.

glu'y *a.* (גלו'-אי) ז. *gluey*

glyc'erate *n.* (גליס'-ע-רייט) ז. *glycerite*

glyc'eric *a.* (גליס'-ער-איק) וואס איז שייך צו גליצערין; וואס ווערט געמאכט פון גליצערין.

glyc'erin *n.* (גליס'-ער-אין) גליצערין [אזא זיסליכע אויליגע פליסיגקייט. ווערט

געברויכט אין דער פאבריקאציאן פון זייף, קאסמעטישע ארטיקלען און אין א גאנצער רייהע פערשיעדענע אנדערע פאבריקאציאנען].

glyc'erine *n.* (גליס׳-ע-רין) ז. *glycerin*

glyc'erite *n.* (גליס׳-ע-ראיט) מעדיצינען וואס ווערען צוגעריכט מיט גליצערין.

glyc'erize *v.* (גליס׳-ע-ראיז) מישען אדער בעהאנדלען מיט גליצערין.

glyc'erol *n.* (גליס׳-ע-ראול) גליצערין; א מעדיצין צוגעריכט מיט גליצערין.

glyc'erole *n.* (גליס׳-ע-ראול) ז. *glycerol*

glycogen'esis *n.* (גלאי-קא-דזשענ׳-ע-סיס) א קראנקהאפטע אויסבילדונג פון צוקער-שטאף. ז. *glucose*

glycogenet'ic *a.* (גלאי-קא-דזשי-נעט׳-איק) וואס איז שייך צו א קראנקהאפטער אויסבילדונג פון צוקער-שטאף. ז. *glucose*

Glyco'nian *a.* (גלאי-קאו׳-ני-ען) ז. *Glyconic*

Glycon'ic *a.* (גלאי-קאנ׳-איק) וואס איז שייך צו דעם אלט-גריכישען פאעט גליקאן אדער צו דער פערזען-מאס, וועלכע ער האט איינגעפיהרט אין שרייבען געדיכטע.

glyph *n.* (גליף) אין ארכיטעקטור — א קארב, אן איינשניט ווי א רינווע; א היראגליף [א בילד אדער צייכנונג וואס האט די בעדייטונג פון אווארט].

glyph'ic *a. and n.* (גליפ׳-איק) אין ארכיטעקטור — וואס איז שייך צו אן איינקארבונג אדער אן איינשניט ווי א רינווע; א היראגליף [א בילד אדער צייכנונג וואס האט די בעדייטונג פון אווארט].

glyph'ograph *n. and v.* (גליפ׳-א-גרעף) א גליפאגראפישע פלאטע: מאכען גליפאגראפישע פלאטען. ז. *glyphography*

glyphog'rapher *n.* (גלי-פאג׳-רע-פער) א גליפאגראף, איינער וואס מאכט גליפאגראפישע פלאטען. ז. *glyphography*

glyphograph'ic *a.* (גליפ-א-גרעפ׳-איק) גליפאגראפיש, וואס איז שייך צו גליפאגראפיע. ז. *glyphography*

glyphog'raphy *n.* (גלי-פאג׳-רע-פי) גליפאגראפיע [דאס מאכען א געוויסען זארט רעליעף-גראווירטע פלאטען מיט דער הילף פון עלעקטריציטעט].

glyp'tic *a.* (גליפ׳-טיק) וואס איז שייך צו שטיין-קריצונג אדער גראווירונג; אין מינעראלאגיע — וואס שטעלט מיט זיך פאר א געוויסע פיגור.

glyp'tics *n.* (גליפ׳-טיקס) שטיין-גראווירונג, שטיין-שניידעריי.

Glyp'todon *n.* (גליפ׳-טא-דאן) דער גליפטאדאן אדער גליפטאפאד [א ניגאנטישע טשערעפאכע פון די פארהיסטארישע צייטען. איהר לענג איז געווען כמעט 7 פוס אדער א קלאפטער].

Glyptodon

glyp'tograph *n.* (גליפ׳-טא-גרעף) א גליפטאגראף, אן אויסגעקריצטער בוכשטאב אדער פיגור אויף א פערעל אדער דימענט.

glyptog'rapher *n.* (גליפ-טאג׳-רע-פער) א גליפטאגראפער, א קריצער אדער גראווירער אויף פערעל און דימענטען.

glyptograph'ic *a.* (גליפ-טא-גרעפ׳-איק) וואס איז שייך צו גליפטאגראפיע. ז. *glyptography*

glyptog'raphy *n.* (גליפ-טאג׳-רע-פי) גליפטאגראפיע, די קונסט פון אויסקריצען אדער גראווירען אויף טייערע שטיינער; די בעשרייבונג ווי אזוי צו גראווירען פערעל און דימענטען; דאס האבען א ידיעה אין גראווירטע טייערע שטיינער.

glyptothe'ca *n.* (גליפ-טא-טהי׳-קא) א הויז אדער צימער צו האלטען סקולפטור-ארבייט.

gnaff *n.* (נעף) א קליינע, פערדארטע אדער פערטריקענטע זאך.

gnar *v.* (נאר) בורטשען, מורמלען, ווארטשען [ווי א הונד].

gnarl *n. and v.* (נארל) א סוק; דאס סוקעוואטע וואקסען פון א בוים; מאכען שארסטקע אדער מיט קארבען [ווי דאס קעפעל פון א שרויף, וועלכען מען פערדרעהט מיט די פינגער]; מורמלען, ווארטשען [ווי א הונד].

gnarled *a.* (נארלד) סוקעוואטע; מרה-שחורה'דיג, אנגעכמורעט, בייז.

gnar'ly *a.* (נאר׳-לי) סוקעוואטע.

gnash *v.* (נעש) קריצען מיט די צייהנער.

gnash'ing *n.* (נעש׳-אינג) דאס קריצען מיט די צייהנער.

gnat *n.* (נעט) א קאמאר, א מוק.

gnat'catcher *n.* (נעט׳-קעטש-ער) א קליינער אמעריקאנער פויגעל מיט א לאנגען ברייטען עק און קורצע פליגלען.

gnat'-flow'er *n.* (נעט׳-פלאו׳-ער) קנאבען-קרויט [א מין גראז מיט בעזונדערע באנד-פערמיגע בלעטער, וועלכע פערענדיגען זיך פון אויבען מיט זעהר שעהנע קליינע בלימעלעך].

Gnath'odon *n.* (נעטה׳-א-דאן) אזא פויגעל וועלכער געהערט צו דעם טויבען-מין.



Gnathodon

gnat'ling *n.* (נעט׳-לינג) א קליינער מוק, א קאמאר [ווערט געברויכט מיט פעראכטונג וועגען א מענשען].

gnat'-strai'ner *n.* (נעט׳-סטריי׳-נער) א מוקען-יעגער [איינער וואס יאגט זיך נאך קלייניגקייטען און זעהט ניט דאס גרויסע און בעדייטענדע].

gnat'-worm *n.* (נעט׳-הוואירם) דאס ווערימעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א מוק [קאמארע].

gnaw *v.* (נאה) אבטראגען, נאגען, צונאגען, גריזשען, צוגריזשען.

gnaw'er *n.* (נאה׳-ער) א נאגער, איינער וואס נאגט, גריזשעט אדער טאטשעט זיך אונטער; אין זאאלאגיע — א גריזשענד חיה'לע [ווי א וועווערקע, א קראליק א. ד. ג.].

gnaw'ing *n.* (נאה׳-אינג) די נאגונג, דאס גריזשען.

gneiss *n.* (נאיס) גנייס [א מין שטיין עהנליך צו גראניט וואס בעשטעהט פון בעזונדערע צוזאמענגעלעגטע שיכטען].

gneiss'ic *a.* (נאיס׳-איק) וואס איז שייך צו גנייס. ז. *gneiss*

gnome *n.* (נאום) אין גערמאנישער מיטאלאגיע — א גנאם [איינער פון דער ראסע קארליקעס, וואס געפינען זיך צווישען בערג, אין הויהלען און אין גריבער און בעשיצען די מינעראלע אוצרות וואס געפינען זיך אין דער ערד]; א קארליק; איינע פון די קלענסטע פויגעלעך, א קאליברי; א שפרוך, א גלייך ווארט, אן אפאריזם.

gno'mic *a.* (נאו׳-מיק) גנאמיש, בעלעהרענד; וואס איז שייך צו א בעלעהרענדען שפרוך אדער אפאריזם.

gno'mical *a.* (נאו׳-מי-קעל) ז. *gnomic*

gnomolog'ic *a.* (נאו-מא-לאדזש׳-איק) גנאמאלאגיש [וואס איז שייך צו א זאמלונג פון משלים אדער שפרוכען].

gnomolog'ical *a.* (נאו-מא-לאדזש׳-אי-קעל) ז. *gnomologic*

gnomol'ogy *n.* (נאו-מאל׳-א-דזשי) גנאמאלאגיע, א זאמלונג פון משלים אדער שפרוכען.

gno'mon *n.* (נאו׳-מאן) א גנאמאן [דער דרייעקיגער ציינגער אדער ווייזער אויף א זון-זייגער]; דער ציינגער אויף דעם שטונדען-קרייז פון א גלאבוס; אין געאמעטריע — א שטיק פון א פאראלעלאגראם, וועלכער בלייבט נאכדעם ווי מען האט פון זיין ווינקעל אויסגעשניטען א קלענערען פאראלעלאגראם פון דערזעלביגער פארם.



Gnomon

gnomon'ic *a.* (נא-מאנ׳-איק) וואס איז שייך צו דער קונסט פון מאכען זון-זייגערס; אין באטאניק — אויסגעבויגען אין א גראדען ווינקעל.

gnomon'ical *a.* (נא-מאנ׳-אי-קעל) ז. *gnomonic*

gnomon'ics *n.* (נא-מאנ׳-איקס) די קונסט אדער וויסענשאפט פון מאכען זון-זייגערס.

gno'monist *n.* (נאו׳-מאנ-איסט) איינער וואס קען מאכען זון-זייגערס.

gnomonol'ogy *n.* (נאו-מא-נאל׳-א-דזשי) גנאמאנאלאגיע, די וויסענשאפט אדער קונסט פון מאכען זון-זייגערס.

gnoseol'ogy *n.* (נאו-סי-אל׳-א-דזשי) גנאסעאלאגיע אדער די ערקענטניס-טעאריע [די וויסענשאפט וועגען די ערקענטניס-פעהיגקייטען פון מענשען].

gno'sis *n.* (נאו׳-סיס) די וויסענשאפט; העכערע ערקענטניס; מיסטישע ערקענטניס פון די טיעפסטע געהיימניסען פון נאטור און לעבען.

gnos'tic *a.* (נאס׳-טיק) גנאסטיש; ערקענענד אדער אריינדרינגענד אין די טיעפסטע סודות פון נאטור און לעבען; זעהר קלוג [הומאריסטיש].

Gnos'tic *n. and a.* (נאס׳-טיק) א גנאסטיקער [א מיטגליעד פון א קריסטליכער סעקטע פון די ערשטע יאהרהונדערטע נאך קריסטוס'ס געבורט, וועלכע האט געלערענט, אז ניט דאס גלויבען פיהרט צום אמת'ען גליק, נאר דאס וויסען און קענטניס. די גנאסטיקער האבען געשטרעבט צו

פּראַייניגען די לעהרען פון דער קריסטליכער קירך מיט דער גריכיש-רוימישער פילאזאפיע]; וואס איז שייך צו די גנאסטיקער אדער זייערע לעהרען.

Gnos'tical *a.* (נאס'-טי-קעל) וואס איז שייך צו די גנאסטיקער אדער זייערע לעהרען. ז. ***Gnostic***.

gnos'tically *adv.* (נאס'-טי-קעל-אי) לויט די לעהרען פון די גנאסטיקער [ז. ***Gnostic***]; חכמה'דיג, שכל'דיג [הומאריסטיש].

Gnos'ticism *n.* (נאס'-טי-סיזם) גנאסטיציזם, די רעליגיעזע און פילאזאפישע לעהרען פון די גנאסטיקער. ז. ***Gnostic***.

gnostol'ogy *n.* (נאס-טאל'-א-דזשי) ז. ***gnoseology***.

gnu *n.* (ניו) די גנו [אזא אפריקאנישע חיה מיט א קאפ פון אן אקס, א קערפּער פון אן עזעל און אן עק פון א פערד].

Gnu

go *v. and n.* (גאו) געהן, זיך בעוועגען, ווייטער געהן, אוועקגעהן; פאהרען, אבפאהרען; אנגעהן; זיך פערשפּרייטען, צירקולירען; זיין צונעפּאסט, פּאסען; זיך גרייטען [צו טהאן עפּעס]; זיך פיהרען, האנדלען, זיך האלטען [אן א געוויסען כלל]; זיין שוואנגער [הויפּטזעכליך וועגען חיות]; אבגעלאזען ווערען, בעפרייט ווערען; זיך ציהען, דערגרייכען, פיהרען [ווי למשל, א וועג]; האבען א ווערטה אדער בעדייטונג; זיין נויטיג [צו עפּעס], אויסמאכען עפּעס; האבען ערפאלג, אנגעהן ווי עס בעדארף צו זיין; שטארבען; ווערען; ערשיינען, אויסזעהן; נאכלאזען, זיך אברייסען אדער אבברעכען; טהאן; בעלאנגען [צו א געוויסען פּלאץ]; פּערטראגען, איינשטימען; בייסטייערען; איינשטעלען, ריזיקירען; א טהאט, אן אויפטהו; א שטיק מסחר; מאדע; ענערגיע, טהעטיגקייט, בעגייסטערונג, אונטערנעהמונגס-גייסט; דאס קומען אין רייה [אטשע-רעד], געלעגענהייט; ערפאלג; אן ערפאלגרייכער אויפטהו; א טרונק, א כוסה; גאנג, לויף, ארט און וויזע.

go a-beg'ging (גאו ע-בעג'-אינג) ארומגעהן בעטלען; ניט זיין עובר לסוחר, ניט געהן אין מארק, ניט קענען פערקויפט ווערען [וועגען סחורות].

go aboard' (גאו ע-באורד') זיך זעצען אויף א שיף.

go about' (גאו ע-באוט') ארומגעהן, ארומגעהן; מאכען אן אומוועג; אונטערנעהמען, זיך נעהמען צו..., זיך אנשטרענגען, אנווענדען מיטלען.

go about' one's busi'ness (גאו ע-באוט' הוואנז ביז'-נעס) ניט שטעקען די נאז אין פרעמדער געשעפטען.

go abroad' (גאו ע-בראוד') פאהרען נאך אויסלאנד, פערלאזען די היים; זיך פערשפּרייטען, בעקאנט ווערען.

go accord'ing (גאו ע-קארד'-אינג) זיך צופּאסען, פיהרען זיך ווערדליג...

goad *n. and v.* (גאוד) א שפּיציגער טרייב-שטעקען [פאר פיה]; עטוואס וואס טרייבט אדער צווינגט; אן ענגלישע לענגען-מאס [פון 15 פוס און 1 צאל]; שטעכען אדער טרייבען מיט א שפּיציגען טרייב-שטעקען; אנטרייבען, צווינגען, אנרעגען.

goads'man *n.* (גאודז'-מען) אן אקסען-טרייבער.

goad'ster *n.* (גאוד'-סטער) ז. ***goadsman***.

go a-fish'ing (גאו ע-פיש'-אינג) געהן אויף פיש-פאנג, געהן כאפּען פיש.

go af'ter (גאו עפ'-טער) נאכפאלגען, נאכגעהן, נאכלויפען.

go against' (גאו ע-גענסט') ארויסטרעטען געגען, ארויסטרעטען אין קאמפף, זיך אנטקעגען שטעלען; זיין געגען, זיין צווידער.

go against' the grain (גאו ע-גענסט' טהי גריין) זיין געגען; זיין געגען איינעמס נאטור; זיין צו-ווידער, עקלען.

go against' the stom'ach (גאו ע-גענסט' טהי סטאמ'-עק) עקלען, זיין צווידער.

go a great way (גאו ע גרייט הוויי) גרייכען וויט, האבען א גרויסע ווירקונג; פיהרען צום ציעל.

The loan which he secured will **go a great way** to develop his business.

go ahead' (גאו ע-העד') געהן פארויס, געהן פארווערטס, אנגעהן ווייטער, נעהמען און טהאן.

go'-ahead' *a. and n.* (גאו'-ע-העד') ענערגיש, טהעטיג, דרייסט שטרעבענדיג פארויס; פּראגרעסיוו, פארטגעשריטען; א דרייסטער פארטשריט.

go'-ahead'ative *a.* (גאו'-ע-העד'-ע-טיוו) ענערגיש, טהעטיג, דרייסט שטרעבענדיג פארויס; פּראגרעסיוו.

go'-ahead'ativeness *n.* (גאו'-ע-העד'-ע-טיוו-נעס) ז. ***go-aheadism***.

go'-ahead'ism *n.* (גאו'-ע-העד'-איזם) פּראגרעסיווקייט; אקטיוויטעט, דאס פארווערטס-שטרעבען ניט קוקענדיג אויף קיין זאך.

go'-ahead' man (גאו'-ע-העד' מען) א פּראגרעסיווער מענש; א לעבעדיגער, ריהרעווידיגער יונג.

goal *n.* (גאול) דער ענד, דער ציעל, די גרענעץ [ביים וועט-לויפען אדער אנדערע אטלעטישע שפּיעלען]; דאס וואס בעצייכענט דיזען ציעל אדער גרענעץ; אין פוס-באל-שפּיעל — דאס ווארפען דעם באל אדער פּילקע דורך אדער איבער דעם צייכען וואס בעצייכענט די גרענעץ פון דעם שפּיעל-פּלאץ.

go all to smash (גאו אהל טו סמעש) אין גאנצען פערניכטעט ווערען, פּלאצען.

go along' (גאו ע-לאנג') פארטזעצען, אנגעהן, פארבייגעהן.

go along'! (גאו ע-לאנג') טראג זיך אב! פערנעהם זיך! געה!

go along' with (גאו ע-לאנג' הוויטה) בעגלייטען, מיטגעהן.

go ashore' (גאו ע-שאור') לאנדען.

go'-ashores' *n.* (גאו'-ע-שאורז') יום-טוב-קליידער [ביי מאטראזען].

go aside' (גאו ע-סאיד') געהן אין א זייט, פערקריכען, פערבלאנדזשען; זיך צוריקציהען.

go astray' (גאו ע-סטריי') פערבלאנדזשען, פערקריכען אין א זייט, מאכען א פעהלער.

The nurse let the child **go astray**.

go asun'der (גאו ע-סאנ'-דער) זיך פאנאנדערגעהן, זיך פאנאנדערפאלען.

go at (גאו עט) בעפאלען, אנגרייפען.

goat *n.* (גאוט) א ציעג, א באק; ציעגען-פעל, ציעגען-לעדער.

Goat

goat'-buck *n.* (גאוט'-באק) א באק.

goat'-cha'fer *n.* (גאוט'-טשיי'-פער) דער באק-קעפער [אזא אינזעקט].

go at ding'-dong (גאו עט דינג'-דאנג) זיך שלאגען אויף'ן רעכטען אמת.

goatee' *n.* (גאו-טיע') א ציעגענע בארד [ביי מענשען].

goat'-fig *n.* (גאוט'-פיג) ווילדע פייגען; א בוים אויף וועלכען עס וואקסען ווילדע פייגען.

goat'fold *n.* (גאוט'-פאולד) אן ארומגעצאמטער פּלאץ פאר ציעגען.

goat'herd *n.* (גאוט'-הוירד) א ציעגען-פאסטוך.

goa'tish *a.* (גאו'-טיש) ציעגיש, באקיש; אויסגעלאסען, יצר-הרע'דיג.

goa'tishly *adv.* (גאו'-טיש-לי) אויף א באקישען שטייגער; אויסגעלאסען, תאוה'דיג.

goa'tishness *n.* (גאו'-טיש-נעס) דאס זיין באקיש; אויסגעלאסענהייט, תאוה'דיגקייט.

goat'land *n.* (גאוט'-לענד) ציעגען-לאנד, א בערגיגע געגענד.

go at large (גאו עט לארדזש) ארומגעהן פריי; בעפרייט ווערען; בעפרייט ווערען פון א געריכטליכער קלאגע.

The prisoner was acquitted and allowed to **go at large**.

goat'ling *n.* (גאוט'-לינג) א יונגער באק אין דעם עלטער פון א יאהר ביז צוויי.

goat's'-bane *n.* (גאוטס'-ביין) אקאניט [א מין גראז-ארטיגע פּלאנצע מיט בלויע בליטהען ווי גלעקלעך.-ווערט געברויכט אין מעדיצין].

goat's'-beard *n.* (גאוטס'-ביערד) די ציעגען-בארד [א מין גראז מיט געלבע בלימלעך אויף א פוסטען שטענגעל].

goat'skin *n.* (גאוט'-סקין) ציעגען-פעל; לעדער פון ציעגען-פעל, סאפיאן.

goat's'-rue *n.* (גאוטס'-רוה) גייסרוט [אזא פּלאנצע].

goat's'-thorn *n.* (גאוטס'-טהארן) דער באקס-דארן [אזא ביימעל].

goat'stone *n.* (גאוט'-סטאון) דער בעזאאר-שטיין [אזא שטיין וואס מען געפינט אין דעם מאגען ביי ציעגען]. ז. ***bezoar***.

goat's'-stones *n.* (גאוטס'-סטאונז) קנאבענקרויט [אזא פּלאנצע].

goat'sucker *n.* (גאוט'-סאק-ער) דער ציעגען-מעלקער [אזא קליינער זינג-פויגעל, וועלכער זינגט פון אווענד און אין

דער פריה און וועגען וועלכען דער המון גלויבט, אז ער זויגט ציעגען].



Goatsucker

goat'weed *n.* (גאוט-הוויעד) די הארץ-בלום [אזא פלאנצע].

go away' (גאו ע-הוויי') אוועקגעהן, אב-רייזען; זיך אויסדרעהן.

go a-woo'ing (גאו ע-הוואוה'-אינג) אוי-כאזשעווען, ארומפאדרען, זיך שדכנ'ען.

go awry' (גאו ע-ראי') געהן ניט ווי עס דארף צו זיין; זיין אויסער ארד-נונג, זיין אין אונארדנונג.

All his plans seem to go awry.

gob *n. and v.* (גאב) א ביסען; דאס מיסט, די אונניציגע שטאפען, דער אב-פאל [אין קויהלען-גרובען]; אויסרייני-גען דעם אבפאל [אין קויהלען-גרובען].

go back (גאו בעק) זיך אומקעהרען, צו-ריקגעהן, זיך צוריקציהען.

go back on (גאו בעק אן) פערלאזען, פערראטען, צוריקציהען [א ווארט אדער א פערשפרעכען].

Do not go back on your promise.

go bail (גאו בייל) ערוב זיין, זיין אז ערוב [פאר'ן געריכט].

gob'bet *n.* (גאב'-עט) א שטיק שטיין; א ביסען; א טייל, א פראגמענט; פער-שלינגען; פערשלינגען אין גרויסע מאסען אדער אין גרויסע שטיקער.

gob'bin *n.* (גאב'-אין) ז. *gobbing*.

gob'bing *n.* (גאב'-אינג) אבפאל פון קויהלען [אין קויהלען-גרובען].

gob'bin-stitch *n.* (גאב'-אין-סטיטש) דער פערל-שטאך [ביים אויסנעהען].

gob'ble *v. and n.* (גאבל) אויפפרעסען, איינשלינגען [אין גרויסע שטיקער]; כא-פען עפעס מיט זשעדנעקייט, צוכאפען, וועקרויבען; האלדערען [ווי אן אינדיק]; אן אינדיק; דאס האלדערען.

gob'ble-cock *n.* (גאב'ל-קאק) אן אינדיק.

gob'ble-gut *n.* (גאב'ל-גאט) א פרע-סער.

gob'bler *n.* (גאב'-לער) א פרעסער; איינער וואס פערשלינגט שנעל גרויסע שטי-קער; אן אינדיק.

go before' (גאו בי-פאור') געהן פון פאראנט, איבעריאגען, האבען די אויבער-האנד.

go before' the mast (גאו בי-פאור' טהי מעסט) ווערען א מאטראז.

go behind' (גאו-בי-האינד') געהן פון הינטען; זיין הינטערשטעליג.

gobelin' *n. and a.* (גאו-בע-לען') גא-בעלין [אזעלכע זיידענע שטאפען מיט בלוי-מען פאר טעפיכען און בעשלאג פאר מע-בעל]; וואס איז שייך אדער עהנליך צו גאבעלין.

go between' (גאו בי-טהוויען') געהן צווישען; זיך אריינמישען, פערמיטלען.

go'-between' *n.* (גאו'-בי-טהוויען') א פערמיטלער; אן אגענט; א דיענער וואס פערטרעט צוויי שטעלען [אין ענגלאנד].

go beyond' (גאו בי-יאנד') געהן ווייטער פון א בעשטימטער גרענעץ; איבערשטיי-גען.

gob'-fire *n.* (גאב'-פאיר) אן עקספלא-זיאן פון דעם קויהלען-שטויב אין קויהלען-גרובען.

go'biid *n. and a.* (גאו'-בי-איד) אזא מין קליינע ים-פיש; וואס איז שייך צו דיעזע פיש.

gob'let *n.* (גאב'-לעט) א קאנוס-פערמי-גער בעכער, א טרינק-גלאז.

gob'let-shaped *a.* (גאב'-לעט-שייפט) בעכער-פערמיג, קאנוס-פערמיג.

gob'lin *n.* (גאב'-לין) א רוח, א שד, א גייסט.

go by (גאו באי) פאריבערגעהען, פארביי-געהן; פערגעהן; פארבייגעהן אונבעמערקט אדער אונגעאכטעט; זיך ריכטען, זיך האל-טען [אן געוויסע כללים אדער מוסטע-רען]; גילטען; קומען צו עפעס.

go'-by *n.* (גאו'-באי) [פון דורכגעהן עפעס] אונגעאכטעט אדער אונבעמערקט; אויסווייכונג, אויסמיידונג; דאס ניט שענ-קען קיין אויפמערקזאמקייט; דאס כלומר'-שטעט ניט בעמערקען.

go'by *n.* (גאו'-בי) אזא פיש. ז. *gobiid*.

go by the board (גאו באי טהי באורד) אבגעבראכען ווערען [וועגען א מאסט]; אין גאנצען פערניכטעט ווערען.

go by the lee (גאו באי טהי ליע) דעם ווינד פערליערען [וועגען א שיף]; הא-בען א טעות אין רעכנונג, געפינען זיך אבגענארט.

go by the loss (גאו באי טהי לאהס) געדולדיג פערטראגען דעם פערלוסט.

go by the name (גאו באי טהי ניים) זיך רופען, טראגען דעם נאמען.

go'-cart *n.* (גאו'-קארט) א געה-וועגעלע [פאר קינדער צו לערנען זיך געהן]; א לייכט וועגעלע [צום פאהרען אדער צום פיהרען]; א האנד-וועגעלע.

go con'trary to (גאו קאנ'-טרע-רי טו) האנדלען נעגען.

Naughty children like to go contrary to their parents' wishes.

go cross (גאו קראס) געהן מיט דער פוטער אראב.

God *n.* (גאד) גאט.

god *n.* (גאד) אן אבגאט, א געץ; א פער-געטערטע זאך; א געטליכקייט, א הייליג-קייט.

go daft (גאו דעפט) אראבגעהן פון זי-נען, פערלירען דעם שכל.

God bless me! (גאד בלעס מי) זאל מיר גאט אזוי העלפען.

god'child *n.* (גאד'-טשאילד) דאס קוואַ-טער-קינד אדער טויף-קינד [א קינד ביי וועלכען איינער איז א קוואטער אדער טויף-פאטער].

God'dam' *n.* (גאד'-דעם') אן ענגלענדער [אלס זידעל-נאמען ביי די פראנצויזען].

God damn it! (גאד דעם איט) צום טייוועל! צו אל די שווארץ יאהר! פערדאמט זאל עס ווערען! כאפט עס דער רוח!

god'daughter *n.* (גאד'-דאה-טער) א טויף-טאכטער.

god'dess *n.* (גאד'-עס) א געטין.

go deep (גאו דיעפ) זיך פערטיעפען; אריינדרינגען טיעף אין הארצען.

go'-dev'il *n.* (גאו'-דעוו'ל) א פאררייכ-טונג צו עקספלאדירען דינאמיט אין א פעטראלעאום-ברונעם; א פארריכטונג אויסצורייניגען א פעטראלעאום-רעהר; א שליטען צו פיהרען קלעצער אדער אויס-געהאקטע בוימער.

god'father *n.* (גאד'-פא-טהער) א טויף-פאטער; א קוואטער.

God'-fear'ing *a.* (גאד'-פיער'-אינג) גאטס-פארכטיג.

God forbid' (גאד פאר-ביד') גאט זאל אבהיטען, חס ושלום.

God forefend' (גאד פאור-פענד') זאל גאט שומר ומציל זיין; זאל גאט אבהיטען.

God'-forsa'ken *a.* (גאד'-פאר-סיי'קן) פון גאט פערלאזען, עלענד, אונגליקליך; פערדארבען, גאט-פערדאמט.

God grant (גאד גרענט) הלואי; זאל גאט געבען.

God'head *n.* (גאד'-העד) די גאטהייט.

god'head *n.* (גאד'-העד) דאס זיין א גאט; אן אבגאט; א געטליכקייט, א היי-ליגקייט.

god'hood *n.* (גאד'-הוד) געטליכקייט.

God'less *a.* (גאד'-לעס) גאטלאז, ניט פרום, זינדיג.

god'lessly *adv.* (גאד'-לעס-לי) אויף א גאטלאזען אופן.

god'lessness *n.* (גאד'-לעס-נעס) גאט-לאזיגקייט, זינדיגקייט.

god'like *a.* (גאד'-לאיק) ווי א גאט; געטליך.

god'likeness *n.* (גאד'-לאיק-נעס) דאס זיין ווי א גאט; געטליכקייט.

god'lily *adv.* (גאד'-לי-לי) פרום, גאטס-פארכטיג, רעליגיעז.

god'liness *n.* (גאד'-לי-נעס) גאטזעליג-קייט, פרומקייט.

god'ling *n.* (גאד'-לינג) א קליינער, יונ-גער גאט, א געטעל.

god'ly *a.* (גאד'-לי) פרום, רעליגיעז, גאטס-פארכטיג.

God'-man *n.* (גאד'-מען) דער גאט-מענש [אלס נאמען פאר יעזוס קריסטוס].

god'mother *n.* (גאד'-מאטה-ער) א טויף-מוטער, א קוואטעריז.

go-down' *n.* (גאו-דאון') א שלוק אדער זופ בראנפען; א צוגאנג ביי א טייך פאר-בהמות צו געהן טרינקען.

godown' *n.* (גאו-דאון') א ווארעז-הויז, א קראם אין אינדיען, יאפאן אדער כינא.

go down (גאו דאון) 1. זינקען; 2. פאלען; דורכפאלען; 3. אנגענומען ווערען, דורכ-געהן, אנערקענט ווערען; 4. פאלען אין ווערטה.

1. The ship will go down in a few hours.
4. The value of my land is going down.

god'parent *n.* (גאד'-פעהר-ענט) א טויף-פאטער אדער טויף-מוטער.

God's a'cre (גאדז איי'-קער) א בית הקברות, א בית עלמין.

God's day (גאדז דיי) זונטאג.

god'send *n.* (גאד'-סענד) אן אונערוואר-טעטער געווין אדער גליק; א גליקליכע מציאה.

god'ship *n.* (גאד'-שיפ) גאטהייט, געט-ליכקייט.

God's house (גאדז האוס) א קירך; א געבעט-הויז.

god'smith *n.* (גאד'-סמיטה) א געצען-מאכער.

god'son *n.* (גאד'-סאן) א טויף-זוהן.

God'-speed *n.* (גאד'-ספיעד) א ווונש, אז גאט זאל בעגליקען; א גליקליכע רייזע.

He wished me God-speed.

God speed! (גאד ספיעד) פאהר געזונד!

God's'-pen'ny *n.* (גאדז'-פענ'-אי) צדקה-געלד פאר ארימע אדער פאר הייליגע צוועקען; האנד-געלד, אויפגאב.

God's truth (גאדז טרוטה) דער ריינער אמת, די אבזאלוטע ווירקליכקייט.

God'ward *adv.* (גאד'-הווארד) צו גאט צו.

God'wards *adv.* (גאד'-הווארדז) ז. *Godward*.

god'wit *n.* (גאד'-הוויט) די פפוהלשנעפע [אזא פויגעל מיט א לאנגען עטוואס געבויגענעם שנאבעל און מיט לאנגע פיס].

Godwit

go'er *n.* (גאו'-ער) א געהער; א געהענדער; עטוואס וואס געהט.

go'er-between' *n.* (גאו'-ער-בי-טהוויען') ז. ***go-between***

go'er-by *n.* (גאו'-ער-באי) א פערבייגעהער.

go far (גאו פאר) לאנג אויסהאלטען; סטאיען, קלעקען אויף א לענגערע צייט.
Our provisions will not **go far.**

gof'fer *v. and n.* (גאפ'-ער) מאכען א קרויז, קרויזלען; א קרויז.

go for (גאו פאר) 1. ווערען א... ארייןטרעטען אין דיענסט אדער בעשעפטיגונג; 2. אנגענומען ווערען אלס, געהן אלס; 3. זיין צו גונסטען פון עטוואס; 4. וויי טער פאטשען, געבען פעטש איינע נאך די אנדערע.
2. The article will **go for** less than what it is worth.

go for a wit (גאו פאר ע הוויט) גילטען פאר א חכם, בעטראכט ווערען אלס א קלוגער.

go for noth'ing (גאו פאר נאטה'-אינג) ניט האבען קיין שום ווערטה, זיין ווערטהלאז.

go for one's self (גאו פאר הוואנז סעלף) ארבייטען אויף דער אייגענער רעכנונג; זיין אליין אויף זיך א בעל-הבית.

go forth (גאו פאורטה) אוועקגעהן; פובליצירט אדער פערעפענטליכט ווערען.

go for'ward (גאו פאר'-הווארד) געהן פארווערטס, מאכען פארטשריטע; שטאטפינדען, פארקומען, אנגעהן.

go free (גאו פריע) בעפרייט ווערען.

gog'gle *n. and v.* (גאגל) שטויב-ברילען; פערד-ברילען; דאס דרעהען מיט די אויגען; אן אויגען-גלאצעניש; דרעהען מיט די אויגען.

gog'gled *a.* (גאגלד) [ווי אויסגעגלאצט אן אויג]; אנגעטהאן מיט שטויב-ברילען.

gog'gle-eye *n.* (גאג'ל-אי) אן אויסגעגלאצט אויג.

gog'gle-eyed *a.* (גאג'ל-איד) מיט אויסגעגלאצטע אויגען.

go halves with (גאו האווז הוויטה) זיך טיילען.

go hard (גאו הארד) געהן שלים-מזלדיג; זיין אויף צרות.
With the passage of the new law it will **go hard** with the immigrants.

go in (גאו אין) אריינטרעטען, אריינגעהן; נעהמען אן אקטיווען אנטייל.

go in and out (גאו אין ענד אוט) האבען די פרייהייט צו קומען צו יעדער צייט אין א פלאץ; זיין פריי צו געהן וואו מען וויל.

go in black (גאו אין בלעק) טראגען טרויער.

go in fash'ion (גאו אין פעש'-אן) געהן נאך דער מאדע.

go in for (גאו אין פאר) שטרעבען צו עפעס, זיין אריינגעטהאן אין עפעס.
College students **go in for** sports.

go'ing *n.* (גאו'-אינג) דאס געהן, דאס אוועקגעהן, דאס אברייזען; האלטונג, מאניערע, ארט און וויזע; דער צושטאנד פון דעם וועג; די צייט פון שוואנגערשאפט.

go'ing forth (גאו'-אינג פאורטה) אויסברייטונג, פארטזעצונג: אן אויסגאנג, אן אויספלוס; אן ארויסגאנג, שיידונג אדער פערלאזונג.

go'ing, go'ing, gone! (גאו'-אינג, גאו'-אינג, גאהן) צום ערשטען מאל, צום צווייטען מאל, צום לעצטען מאל [אויסרופען ביי ליציטאציעס אדער אויקציאנען].

go'ing out (גאו'-אינג אוט) געהט אויס; געהט ארויס; ארויסגאנג; הוצאות.
The wearing of wide skirts is **going out** of fashion.

go'ings-on *n.* (גאו'-אינגז-אן) אויפפיהרונגען, דרכים [הויפטזעכליך שלעכטע].
The **goings-on** in this neighborhood are disgusting all good citizens.

go'-insur'ance *n.* (גאו'-אינ-שוהר'-ענס) א פערזיכערונג, לויט וועלכער אייניגע מענשען אדער געזעלשאפטען דארפען דעקען דעם פערלוסט; א פערזיכערונג, לויט וועלכער די פערזיכערונגס-געזעלשאפט צאהלט נור א טייל פון דעם פערלוסט.

go in'to (גאו אינ'-טו) זיך נעהמען [צו עפעס]; אנהויבען, אויפנעהמען, זיך ארייננטהאן.

go in'to a ques'tion (גאו אינ'-טו ע קהוועס'-טשאן) בעהאנדלען א פראגע.

go in'to busi'ness (גאו אינ'-טו ביז'-נעס) אנהויבען א געשעפט, זיך נעהמען צום מסחר.

go in'to house'keeping (גאו אינ'-טו האוס'-קיע-פינג) אנהויבען פיהרען אייגענע בעל-הבית'ישקייט.

go in'to line (גאו אינ'-טו לאין) ארייןגעהן אין רייה, פארמירען א שערענגע [ביי מיליטער].

go in'to mour'ning (גאו אינ'-טו מאור'-נינג) אנטהאן טרויער.

go it (גאו איט) האנדלען לעבעדיג, לוסטיג, ענערגיש [מעהרסטענטייל אלס בעפעהל אדער ערמונטערונג: לעבעדיג, לוסטיג, מוטיג, ענערגיש!].

go it alone' (גאו איט ע-לאון') האנדלען אויף אייגענער פעראנטווארטליכקייט, טהאן עפעס מיט די אייגענע כחות.

go it bald'-head'ed (גאו איט באהלד'-העד'-עד) טהאן עפעס אויף דער הייסער מינוט, איילענדיג און שטורעמדיג.

go it blind (גאו איט בלאינד) טהאן עפעס אהן איבערלעגונג אדער זיך ניט קימערענדיג וועגען קיין זאך.

goi'ter *n.* (גאי'-טער) א גוליע אדער א געשווילעכץ אויף'ן האלז [פון פארענט אדער ביי די זייטען].

goi'tered *a.* (גאי' טערד) וואס האט א גוליע אדער א געשווילעכץ אויף'ן האלז.

goi'tre *n.* (גאי'-טער) ז. ***goiter***

goi'tred *a.* (גאי'-טערד) ז. ***goitered***

go it strong (גאו איט סטראנג) ענערגיש האנדלען, שטארק פערטיידיגען, פריי לעבען; טהאן וואס עס איז מיט ענערגיע, ענטשלאסענהייט און מוטה.

go'la *n.* (גאו'-לא) ז. ***gula***

go lame (גאו ליים) אנהויבען הינקען; הינקען.

go large (גאו לארדזש) לעבען אויף א בריימען שטייגער.

Golcon'da *n.* (גאל-קאנ'-דא) א חרוב'ע שטאדט אין אינדיען, בעריהמט מיט איהרע דימענט-שלייפער; אן אוצר, א גאלד-גרוב.

gold *n. and a.* (גאולד) גאלד; בעגילדונג, א העל-געלבע פארב; א ציעל-פונקט [ביים שיסען]; א שאס אין ציעל; פון גאלד אדער ווי פון גאלד.

gold'-bear'ing *a.* (גאולד'-בעהר'-אינג) וואס ענטהאלט גאלד.

gold'-bea'ter *n.* (גאולד'-ביע'-טער) א גאלד-האמערער, ינער וואס קלאפט אויס דינע בלעטער גאלד פאר בעגילדונג.

gold'-bea'ter's skin (גאולד'-ביע'-טערז סקין) א שטיקעל אקסענע פעל, וועלכע מען געברויכט ביים אויסקלאפען גאלד-בלעטער [צום פערגילדען].

gold'-bea'ting *n.* (גאולד'-ביע'-טינג) גאלד-שלעגעריי. ז. ***gold-beater***

gold'-bound *a.* (גאולד'-באונד) איינגעפאסט אין גאלד.

gold'-brick *n.* (גאולד'-בריק) נים קיין עכט גאלד; א שווינדעל; א ווילדע מציאה [הומאריסטיש].

gold'cup *n.* (גאולד'-קאפ) די פוטער-בלום.

gold'-dig'ger *n.* (גאולד'-דיג'-ער) א גאלד-גרעבער.

gold'-dig'gings *n.* (גאולד'-דיג'-אינגז) גאלד-גרובענס, געגענדען וואו מען גראבט גאלד.

gold'-dust *n.* (גאולד'-דאסט) גאלד-שטויב.

gol'den *a. and v.* (גאול'דן) גאלדענער; בעקומען א גאלד-קאליר.

gol'den book (גאול'דן בוק) דאס גאלדענער בוך [אין ווענעדיג — די אפיציעלע ליסטע פון אדעליגע. ביי אידען — דאס גאלדענע בוך פון אידישען נאציאנאל-פאנד].

gol'denbug *n.* (גאול'דנ-באג) דער זון-זשוק, דער קאלב-קעפער.

gol'den calf (גאול'דן קאהף) דאס גאלדענע קאלב, עגל הזהב, דער גאלדענער אבגאט; מאמאן; רייכטום.
Business men are too prone to worship the golden calf.

gol'denchain *n.* (גאול'דנ-טשיין) דער גאלדרעגען [אזא פלאנצע מיט לאנגע געלע בליטהען].



Goldenchain

gol'denclub *n.* (גאָול'דן-קלאַב) אַזאַ אַמעריקאַנער וואַסער־פּלאַנצע מיט געלבע קנײַלכעלעך.

gol'den-crowned *a.* (גאָול'דן-קראַונד) וואָס האָט ווי אַ געלבע קרוין אויף'ן קאָפּ; וואָס האָט אַ געלבען אָדער רויטליכען טשוב [וועגען פֿויגלען].

gol'den-crowned king'let (גאָול'דן-קראַונד קינג'-לעט) דאָס גאָלד־געקרוינטע קעניגעל [אַזאַ קלײַן פֿויגעלע מיט אַ העל־געלבען, אָראַנזשעווען אָדער רויטליכען טשוב].

ז. איל. *"Birds of the U. S."*

gol'dencup *n.* (גאָול'דן-קאַפּ) ז. *goldcup*.

gol'den ea'gle (גאָולדן איגל) דער גאָלדענער אָדלער [אַ גרויסער שטאַרקער אָדלער מיט ברוינליך־געלבע פֿלעקען אויף'ן קאָפּ און אויף'ן האַלז].

gol'deneye *n.* (גאָול'דן-אײַ) אַזאַ גרויסע ים־קאַטשקע; אַזאַ פֿיש; די גאָלד־פֿליעג.

gol'den-eyed *a.* (גאָול'דן-אײַד) מיט געלבע אויגען.

gol'den-flow'er *n.* (גאָול'דן-פֿלאַו'-ער) די וואָכער־בלום אָדער גאָלד־בלום [אַזאַ בלום מיט געלבע בליטהען].

gol'den-fly *n.* (גאָול'דן-פֿלײַ) די גאָלד־פֿליעג.

gol'denglow *n.* (גאָול'דן-גלאָו) אַזאַ קאַנוס־אַרטיגע פּלאַנצע מיט געלבע בלומען.

gol'den-grease *n.* (גאָול'דן-גריעז) כּאַבאַר.

gol'den-haired *a.* (גאָול'דן-העהרד) מיט גאָלדענע האָר, בלאָנד.

gol'denknop *n.* (גאָול'דן-נאָפּ) ז. *goldenbug*.

gol'den leg'end (גאָול'דן לעדזש'-ענד) אַ זאַמלונג פֿון מעשות וועגען קאַטוילישע הייליגע פֿון מיטעלאַלטער.

gol'den lung'wort (גאָול'דן לאַנג'-הוואָירט) דאָס געלבע לונגען־קרויט [אַ מין גראָז מיט געלבע בליטהען].

gol'den mai'denhair (גאָול'דן מיי'-דען-העהר) די גאָלדענע יונגפֿרויע־האָר [אַ מין מאָך וואָס וואַקסט אָפֿט אין דער פֿאָרם פֿון אַ בערשטעל].

gol'den mean (גאָול'דן מיען) דער גאָלדענער מיטעל־וועג, די מיטעלמעסיג־קייט, דאָס זײַן ניט צופֿיעל ראַדיקאַל און ניט צופֿיעל רעאַקציאָנער.

gol'den mouse'-ear (גאָול'דן מאַוס'-איער) דאָס געלבע מויז־אויער [אַ מין גראָז מיט קעפּעלעך פֿון אַ גאָלדענעם קאָליר].

gol'den num'ber (גאָול'דן נאַמ'-בער) די צאָהל פֿון איינעם פֿון די 19 יאָהר אין מעטאָן'ס ציקל אָדער תּקופֿה. ז. *Metonic cycle*.

gol'den pheas'ant (גאָול'דן פֿעז'-ענט) דער גאָלד־פֿאַזאַן [איינער פֿון די פֿאַזאַנען מיט אַ לאַנגען עק און מיט גאָלד־בליש־טשענדע פֿעדערען, וואָס געפֿינען זיך אין כינאַ און טיבעט].



Golden Pheasant

gol'den plov'er (גאָול'דן פּלאַוו'-ער) די רעזשאַנקע אָדער רעגען־פֿייפֿער [אַ מין קליינער פֿויגעל פֿון צפֿון אייראָפּאַ און אַזיען מיט לאַנגע פֿיס און מיט אַ ברייטליכע, עטוואָס פֿאַנאַנדערגעבלאָזענעם שנאָ־בעל].

Golden Plover

gol'den-rod *n.* (גאָול'דן-ראָד) דער גאָלד־דענער רוט [אַ מין אַמעריקאַנישע גראָז־אַרטיגע פּלאַנצע, בײַ וועלכער די שטענ־געלעך ענדיגען זיך מיט גאָלדענע קעפּע־לעך].

gol'den rose (גאָול'דן ראָוז) די גאָל־דענע רויז [אַן עהרען־געשענק וואָס דער פּאַפּסט גיט צו עהרען־פּערזאָנען].

gol'den rule (גאָול'דן רוהל) דער גאָל־דענער כּלל [דער כּלל: בעהאַנדעל אַנדע־רע אַזוי ווי דו וואָלסט געוואָלט זיי זאָלען דיך בעהאַנדלען].

The **golden rule** reads: "Whatsoever ye would that men should do unto you, do ye even so to them."

gol'den sam'phire (גאָול'דן סעמ'-פֿאַיר) אַ פּלאַנצע וואָס איז עהנליך צו קראָפּ, מיט דיקע שטענגעלעך און גאָלדע־נע בליטהען.

gol'den sax'ifrage (גאָול'דן סעקז'-סי-פֿרעדזש) אַ מין קליין, ווייך גראָז מיט גאָלד־געלבע בליטהען.

gol'den sene'cio (גאָול'דן סי-ני'-שי-אָו) די סענעסיע [אַ פּלאַנצע אין דער פֿאָרם פֿון גרעזער און קוסטעס, וואָס איז זעהר פֿערשפּרייט איבער אַלע טיילען פֿון דער וועלט. האָט איבער 1000 מינים].

Golden Senecio

gol'den-tressed *a.* (גאָול'דן-טרעסט) מיט גאָלדענע לאָקען.

gol'den wed'ding (גאָול'דן הוועד'-אינג) די גאָלדענע האָכצײַט [50 יאָהר נאָך דער חתונה בײַ אַ פּאָר פּאָרלײַט].

gol'den-winged *a.* (גאָול'דן-הווינגד) מיט גאָלדענע פֿליגלען.

gold'-fe'ver *n.* (גאָולד'-פֿי'-ווער) דער גאָלד־פֿיבער, אַ קרענקליכע יאָגעניש נאָך גאָלד.

gold'-fields *n.* (גאָולד'-פֿיעלדז) גאָלד־פֿעלדער [אַ געגענד, וואו עס איז פֿאַראַן גאָלד].

gold'finch *n.* (גאָולד'-פֿינטש) דער גאָלד־פֿינק אָדער דער שטיגליץ [אַ קליי־נער זינג־פֿויגעל מיט אַ ווייסען בריסטעל און טונקעל־געלבען רוקען. די פֿליגלען, דער עק און דער שנאָבעל זײַנען פֿערשאַרפּט און שפּיציג; אַ נגיד.

Goldfinch

gold'-fin'der *n.* (גאָולד'-פֿאַינ'-דער) אַ גאָלד־זוכער.

gold'fish *n.* (גאָולד'-פֿיש) דער גאָלד־פֿיש.

Goldfish

gold'-foil *n.* (גאָולד'-פֿאָיל) גאָלד־פֿאָליע [דינע בלעטלעך גאָלד].

gold'ham'mer *n.* (גאָולד'-העמ'-ער) דער גאָלדהאַמער אָדער איוואַלגע [אַ קליין זינג־פֿויגעלע מיט אַ גאָלד־געלבען קאָליר].

gold'-ham'mer *n.* (גאָולד'-העמ'-ער) דאָס האַמערעל פֿון אַ גאָלד־שמיעד.

gold'-head'ed *a.* (גאָולד'-העד'-עד) מיט אַ בעגילטען קאָפּ.

gold'-hil'ted *a.* (גאָולד'-היל'-טעד) מיט אַ גאָלדענעם הענטעל.

gold'-hun'ter *n.* (גאָולד'-האַנ'-טער) אַ גאָלד־יעגער [איינער וואָס יאָגט זיך נאָך גאָלד.

gol'ding *n.* (גאָול'-דינג) אַ מין גראָז מיט גאָלד־געלבע בלימעלעך; אַ געוויסער זאָרט רויטע עפּעל.

gold'-leaf *n.* (גאָולד'-ליעף) גאָלד־פֿאָליע, בלאַט־גאָלד [דינע בלעטלעך גאָלד].

gold'less *a.* (גאָולד'-לעס) אָהן גאָלד, וואָס האָט ניט קיין גאָלד.

gold'-mine *n.* (גאָולד'-מאַין) אַ גאָלד־מינע, דער אָרט וואו מען גראָבט גאָלד; אַ קוואַל פֿון רײַכטום.

gold'ney *n.* (גאָולד'-ני) ז. *gilthead*.

gold'-of-pleas'ure *n.* (גאָולד'-אָוו-פּלעזש'-אור) אַ מין גראָז וואָס וואַקסט אויף קאָרן אָדער פֿלאַקס־פֿעלדער, פֿון וועל־כען מען וועבט פֿערשיעדענע גראָבע שטאָ־פֿען.

gold'-pow'der *n.* (גאָולד'-פּאַו'-דער) גאָלד־פּולווער.

gold′-size *n.* (גאולד′-סאיז) דער גאלדגרונט [א געוויסער שטאף, מיט וועלכען מען שמירט אויס א זאך, כדי דערנאך עס בעלעגען מיט בלעטלעך גאלד]; א געמיש פון כראם=געלב מיט לאק וואס ווערט בענוצט אין מאלען און דרוקען.

gold′smith *n.* (גאולד′-סמיטה) א גאלדשמיעד; א מין זשוק מיט א גאלדענעם אדער מעטאלענעם קאליר.

gold′-stan′dard *a.* (גאולד′-סטענ′-דארד) וואס בענוצט גאלד אלס דאס איינציגע געזעצליך אנערקענטע געלד [ד. ה. יעדע אנדערע צאהלונגס=מיטלען ווערען אנערקענט אלס געלד נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל די מלוכה איז פערפפליכטעט אומצובייטען זיי אין גאלד].

gold′-stick *n.* (גאולד′-סטיק) דער עלטסטער פון דער ענגלישער קעניגליכער גווארדיע, וואס פלעגט טראגען א גאלדענעם שטעקען ביי יעדער צערעמאניע פון קעניגליכען הויף.

gold′stone *n.* (גאולד′-סטאון) אוואנטורין [א מינעראל וואס גלאנצט ווי גאלד]; אן אוואנטורין=גלאזור אויף טעפ [מיט טיילעכלעך אדער פלעקען וועלכע גלאנצען ווי גאלד].

gold′thread *n.* (גאולד′-טהרעד) א מין אייראפעאישע און אמעריקאנישע פלאנצע מיט פעדים=פערמיגע געלבע ווארצלען.

gold′-wash *n.* (גאולד′-הוואש) א דינע בענילדונג; א שטראם, וואו מען וואשט אויס גאלד פון דעם זאמד און שטיינדלעך.

gold′-wash′er *n.* (גאולד′-הוואש′-ער) דער גאלד=וואשער [איינער וואס וואשט אויס דעם זאמד אדער זאמד=שטיינדלעך, כדי צו בעקומען דאס גאלד, וואס איז בעהאלטען דערין]; אן אינסטרומענט צום גאלד=וואשען.

gold′-wash′ing *n.* (גאולד′-הוואש′-אינג). א פלאץ וואו גאלד ווערט געוואשען.

gold′-wa′ter *n.* (גאולד′-הוואה′-טער) גאלד=וואסער [א פליסיגקייט געמאכט פון געווירצען, ספּירט, וואסער און צושטויבטען גאלד=בלאט].

gold′-work *n.* (גאולד′-הוואירק) גאלדשמיעדעריי; גאלד=שמיעד ארבייט; דאס פלאמבירען צייהנער מיט גאלד.

golf *n. and v.* (גאלף) דאס גאלף=שפיעל [א מין שאטלענדיש שפיעל מיט א באל און מיט אויסגעבויגענע שטעקענס]; שפיעלען אין גאלף=שפיעל.

golf′-club *n.* (גאלפ′-קלאב) א קלוב וואו מען שפיעלט גאלף.

gol′fer *n.* (גאל′-פער). א גאלף=שפיעלער.
ז. *golf*

golf′-stick *n.* (גאלפ′-סטיק) אזא שטעקען מיט וועלכען מען שפיעלט גאלף.



Golf-stick

goli′ath *n.* (גא-לאי′-עטה) די ריעזען צאפליא; דער ריעזען=קעפער.
ז. *goliath-beetle*

goli′ath-bee′tle *n.* (גא-לאי′-עטה-ביע′טל) דער ריעזען=קעפער [זעהר א גרויסער אינזעקט פון די הייסע לענדער פון אפריקא און אמעריקא. ווערט געברויכט אלס איינע פון די בעסטע מאכלים ביי די איינוואהנער פון יענע לענדער].

Goliath-beetle

go low (גאו לאו) זינקען, פאלען נידריג.

go mad (גאו מעד) משוגע ווערען, ווילד ווערען.

gomphi′asis *n.* (גאמ-פאי′-ע-סיס) דאס שאקלען זיך פון די צייהנער אין די יאסלעס.

gompho′sis *n.* (גאמ-פאו′-סיס) דאס פעסטע אונבעוועגליכע האלטען זיך פון עפעס [ווי צייהנער וואס האלטען זיך אונבעוועגליך אין די יאסלעס].

gon′dola *n.* (גאנ′-דא-לא) א גאנדאלא [א לאנג און שמאל וועגעציאניש שיפעל]; א קריסטאלענע וואזע אדער שיסעל; א פראכט=וואגאן מיט נידריגע ווענטלעך.

Gondola

gon′dola car (גאנ′-דא-לא קאר) א פראכט=וואגאן מיט נידריגע ווענטלעך.

gon′dolet *n.* (גאנ′-דא-לעט) א קליינע גאנדאלא, א קליין וועגעציאניש שיפעל.

gondolier′ *n.* (גאנ-דא-ליער′) דער גאנדאליער, איינער וואס טרייבט א גאנדאלא.

gone (גאהן) פערגאנגען; פערלארען; געגאנגען, אוועקגעגאנגען; שוואך, אונמעכטיג. ז. *go*

gone coon (גאהן קוהן) א פערלארענער מענש.
He lost his fight; he is a **gone coon.**

go near (גאו ניער) דערנעהנטערען זיך; ווערען מעגליך.

gone to the bow′-wows (גאהן טו טהי באו′-הוואוז) געגאנגען צום טייפעל; רואינירט, פערלארען.

gone with child (גאהן הוויטה טשאילד) שוואנגער.

gon′falon *n.* (גאנ′-פע-לאן) א פאהן.

gonfalonier′ *n.* (גאנ-פע-לא-ניער′) א פאהן=טרעגער.

gong *n.* (גאנג) א גאנג [א קופערנע פויק וואס ווערט געברויכט אלס מוזיקאלישער אינסטרומענט אין אייניגע אזיאטישע לענדער]; א גלעקעל מיט א האמערל.

gong′-bell *n.* (גאנג′-בעל) א האמער=גלעקעל [ווי דאס גלעקעל פון א וועק=זייגער, א טיש=גלעקעל א. ד. ג.].

gong′-gong *n.* (גאנג′-גאנג) ז. *gong*

goniom′eter *n.* (גאו-ני-אמ′-ע-טער) א ווינקעל=מעסטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען ווינקלען, בעזאנדערס די ווינקלען פון קריסטאלען].



Goniometer

goniomet′ric *a.* (גאו-ני-א-מעט′-ריק) וואס איז שייך צו דעם מעסטען פון ווינקלען.

goniomet′rical *a.* (גאו-ני-א-מעט′-רי-קעל) ז. *goniometric*

goniom′etry *n.* (גאו-ני-אמ′-ע-טרי) גאניאמעטריע אדער די קונסט פון מעסטען ווינקלען.

gon′of *n.* (גאנ′-אף) א גנב, א קעשענע=שניידער.

gon′oph *n.* (גאנ′-אף) ז. *gonof*

gonorrhe′a *n.* (גאנ-א-רי′-א) גאנארעע אדער טריפער [א געוויסע געשלעכטס=קראנקהייט].

gonorrhe′al *a.* (גאנ-א-רי′-על) וואס איז שייך צו א גאנארעע אדער טריפער.

gonorrhœ′a *n.* (גאנ-א-רי′-א) ז. *gonorrhea*

gonorrhœ′al *a.* (גאנ-א-רי′-על) ז. *gonorrheal*

good *a., adv. and n.* (גוד) גוט; פאסיג, טויגליך, ניצליך; פול, פאלשטענדיג, קאמפלעט; בעדייטענד; עכט; פעהיג, געניט; פיין; ארענטליך; פריינדליך, גוטמוטיג, גוטהארציג; ווירדיג; גוטס, גוטסקייט, נוצען.

good at (גוד עט) טויגען צו...
He is **good at** painting.

good author′ity (גוד אה-טהאר′-אי-טי) 1. א זיכערע קוועלע; 2. אן אויטאריטעט.
1. This news comes from **good authority.** 2. He is a **good authority** on Biblical criticism.

good-by′ *n., a. and int.* (גוד-באי′) א זייגעזונד; וואס קומט פאר ביי א שיידונג; וואס איז שייך צו א שיידונג אדער געזעגענען; זייט געזונד!

good-bye′ *n., a. and int.* (גוד-באי′) ז. *good-by*

good cheer (גוד טשיער) גוטער מוטה.

good′-concei′ted *a.* (גוד′-קאנ-סי′-טעד) גוט=דורכגעטראכט, גוט=געפלאנעוועט.

good′-condi′tioned *a.* (גוד′-קאנ-דיש′-אנד) אין א גוטען שטאנד.

good′-con′duct pay (גוד′-קאנ′-דאקט פיי) אין מיליטער — אן עקסטרא געלד=בעלוינונג פאר גוטער אויפפיהרונג.

good day (גוד דיי) גוטען טאג, גאט העלף.

good'-day *n.* (גוד'–דיי) א גוטען טאג [אלס בעגעגעניש אדער פעראבשיידונגס־בעגריסונג].

good deal (גוד דיעל) .1 א היבש ביסעל; .2 א גוטער מסחר.
1. I have a **good deal** to tell you. 2. I made a **good deal** in buying that horse.

good'-e'ven *n.* (גוד'–אי'ווען) ז. *good-evening.*

good e'ven (גוד אי'ווען) גוטען אבענד.

good'-eve'ning *n.* (גוד'–איוו'–נינג) א גוטען אבענד [אלס בעגעגעניש אדער פעראבשיידונגס־בעגריסונג].

good eve'ning (גוד איוו'–נינג) גוטען אבענד.

good'-faced *a.* (גוד'–פייסט) שעהן.

good fel'low (גוד פעל'–או) א פרעה־ליכער יונג, א גוטער ברודער.

good'-fel'lowship *n.* (גוד'–פעל'–או–שיפ) גוט־ברודערשאפט; געזעליגקייט.

good fet'tle (גוד פעטל) גוטער צו־שטאנד.

good few (גוד פיו) א היבש ביסעל.

good foot'ing (גוד פוט'–אינג) א גוטער צושטאנד; גוטע בעציהונגען.

good'-for-lit'tle *a.* (גוד'–פאר–ליט'ל) פון קליינעם ווערטה.

good'-for-noth'ing *a. and n.* (גוד'–פאר–נאטה'–אינג) טויג אויף כפרות; א שטיק גארנישט, א טויגניכטס.

good'-for-noth'ingness *n.* (גוד'–פאר–נאטה'–אינג–נעס) אונניצליכקייט, ווערטהלאזיגקייט; דאס וואס טויג אויף גארנישט.

Good Fri'day (גוד פראי'–דיי) קאר־פרייטאג [דער לעצטער פרייטאג פאר'ן קריסטליכען פסח — די יאהרצייט פון יע־זוס'עס קרייציגונג. ווערט געפייערט אלס פאסט־טאג אין דער גריכיש און רוימיש־קאטוילישער קירך].

good gra'ces (גוד גריי'–סעז) לייטזע־ליגקייט, גונסט.
The student is in the **good graces** of his teacher.

good gra'cious ! (גוד גריי'–שאס) טאקי! ווירקליך! איז דאס מעגליך! [אן אויסרוף פון פערוואונדערונג אדער ער־שטוינונג].

good gram'mar (גוד גרעמ'–ער) א ריכטיגער, גראמאטיקאלישער אויסדרוק; א גראמאטיקאלישע, ריכטיגע שפראך.

good'-hear'ted *a.* (גוד'–האר'–טעד) גוטהערציג.

good'-hear'tedness *n.* (גוד'–האר'–טעד–נעס) גוטהערציגקייט.

good hu'mor (גוד יו'–מאר) א גוטע לוינע, א גוטע שטימונג.

good'-hu'mored *a.* (גוד'–יו'–מארד) גוט געשטימט, אויפגערעמט, אויפגעלעגט, פרעהליך.

good'-hu'moredly *adv.* (גוד'–יו'–מארד–לי) אין א גוטער שטימונג, אין א גוטער לוינע.

good'iness *n.* (גוד'–אי–נעס) צוקראכע־נע פרומקייט אדער גוטסקייט.

good'ing *n.* (גוד'–אינג) א געוויסער אופן פון בעטען נדבות אין ענגלאנד.

good in law (גוד אין לאה) געזעצליך, רעכט.

good intel'ligence (גוד אינ–טעל'–אי–דזשענס) גוטע אויסקונפט; שלום, אייניג־קייט.

good'ish *a.* (גוד'–איש) נאר גוט; גאנץ ניש'קשה'דיג; בעדייטענד, צימליך גרויס.

good job (גוד דזשאב) א גוט שטיקעל ארבייט; א גוטע שטעלע, א גוטע בעשעפ־טיגונג.

good lack ! (גוד לעק) גאט זאל זיך נור דערבארעמען! גאטעניו!

good'liness *n.* (גוד'–לי–נעס) שעהנ־הייט, חן.

good liv'er (גוד ליוו'–ער) איינער וואס לעבט א גוטען טאג; אן ארענטליכער, מו־געגדהאפטער מענש.
His expenses are very large because he is a **good liver.**

good liv'ing (גוד ליוו'–אינג) .1 א פיין לעבען [דאס האבען געגוג חיונה]; .2 דאס לעבען א גוטען טאג; וואוילטאג; .3 אן ארענטליך, טוגענדהאפט לעבען.
1. His writings bring him a **good living.** 2 **Good living** leads to long living.

good'-look'ing *a.* (גוד'–לוק'–אינג) פון א שעהנעם אויסזעהן; שעהן.
What a **good-looking** child!

good looks (גוד לוקס) א שעהנע צורה, א שעהן פנים.

good'ly *a.* (גוד'–לי) חנ'עווריג, שעהן, אנגענעהם; פון גוטען אויסזעהן; בעדיי־טענד, צימליך גרויס, צימליך פיעל.

good'man *n.* (גוד'–מען) א בעל־הבית, א הויז־פאטער; הערר.

good man'ners (גוד מענ'–ערז) גוטע זיטען, פיינע מאניערען.

good mind (גוד מאינד) א שטארקער חשק.
I have a **good mind** to leave on Monday.

good'-min'ded *a.* (גוד'–מאינ'–דעד) ליעבענסווירדיג.

good'-mor'ning *n.* (גוד'–מאר'–נינג) א גוטער מארגען.

good mor'ning (גוד מאר'–נינג) גוט מארגען! [אלס בעגריסונג].

good-mor'row *n.* (גוד מאר'–או) ז. *good-morning.*

good name (גוד ניים) א פיינע רעפוטא־ציע, א גוטער נאמען.

good'-na'tured *a.* (גוד'–ניי'–טשורד) גוטהערציג; גוטמוטיג; פון א גוטען כא־ראקטער.

good'-na'turedly *adv.* (גוד'–ניי'–טשורד–לי) מיט א גוטען כאראקטער; גוט־הערציג, גוטמוטיג.

good'-na'turedness *n.* (גוד'–ניי'–טשורד–נעס) גוטמוטיגקייט, גוטהערציג־קייט; דאס זיין פון גוטען כאראקטער.

good'ness *n.* (גוד'–נעס) גוטסקייט; מילדקייט, פריינדליכקייט.

good night (גוד נאיט) גוטע נאכט [אלס בעגריסונג].

good'-night *n.* (גוד'–נאיט) א גוטע נאכט!

good now ! (גוד נאו) שוין גוט! נו גוט!

good run (גוד ראן) ערפאלג.
The play had a **good run.**

goods *n.* (גודז) סחורה; וואארע; מטלטלין.

goods and chat'tels (גודז ענד טשעט'–עלז) האב און גוט [אויסער אונבעוועגלי־כע גיטער].

goods'-car'riage *n.* (גודז'–קער'–אידזש) א וואגען פאר סחורות, א לאסט־וואגען.

good speed (גוד ספיעד) גוט גליק; גו־טער ערפאלג; מיט גליק!

goods'-shed *n.* (גודז'–שעד) א לאגער פאר סחורות אויף אן אייזענבאהן־סטאנ־ציע אדער אין א האפען.

good step (גוד סטעפ) א ריכטיגער שריט; א פיינער מהלך.

goods'-train *n.* (גודז'–טריין) א פראכט־צוג.

goods'-truck *n.* (גודז'–טראק) א פראכט־וואגאן [פון אן אייזענבאהן]

good stuff (גוד סטאף) א גוט שטיקעל סחורה; די ריכטיגע סחורה.

goods'-wag'on *n.* (גודז'–הוועג'–אן) ז. *goods-truck.*

good tem'per (גוד טעמ'–פער) א רוהיג־נער טעמפעראמענט; א גוטער כאראקטער; א רוהיגע, מילדע אדער געלאסענע נאטור.

good'-tem'pered *a.* (גוד'–טעמ'–פערד) גוטמוטיג; פון רוהיגען טעמפעראמענט; געלאסען.

good while (גוד הוואיל) א רעכט לאנגע צייט.

good'wife *n.* (גוד'–הוואיף) א בעל־הבית'טע, א הויז־פרוי.

good wig'ging (גוד הוויג'–אינג) א פארציע מוסר, א שטארקע מוסר'דיגע דרשה.

good'-will *n.* (גוד'–הוויל) .1 א גוטער וואונש; א טובה, א פריינדשאפט; .2 דער ווערטה פון א געשעפטס־פירמע, וואס ווערט גערעכענט העכער ווי דער ווערטה פון די סחורות און דאס אריינגנעלעגטע געלד [דער ווערטה פון דער פירמע'ס פאפולא־ריטעט]; אבטרעט־געלד פאר א געשעפטס־פלאץ.
2. He sold out his business, **good-will** and all.

good'y *a. and n.* (גוד'–אי) צוקראכען; צוקראכען גוט אדער עהרליך; א צוקראכענער גוטער מענש; אן אלטמטש־קע, א באבעלע; א קאנפעקטעל.

good'y-good *a.* (גוד'–אי–גוד) צוקרא־כען פרום אדער גוט.

good'y-good'y *a.* (גוד'–אי–גוד'–אי) ז. *goody-good.*

good'y-good'yism *n.* (גוד'–אי–גוד'–אי–איזם) צוקראכענע פרומקייט, צוקראכע־נע גוטסקייט.

go off (גאו אף) אבגעהן, אוועקגעהן; שטארבען; עקספלאדירען, אויסשיסען [ווי פון א ביקס]; זיך פאנאנדערגעהן, זיך פערקויפען; אנגעהן, דורכגעהן; זיין א פערפאלענער [דורך שלעכטער אויפפיה־רונג].

go off at half cock (גאו אף עט האף קאק) אויסשיסען אונערווארטעט [וועגען א שיס־געוועהר]; האנדלען אונאיבערלעגט.

go off the stage (גאו אף טהי סטיידזש) אוועקגעהן פון דער ביהנע, ווערען אוים אקטיאר; אראבגעהן פון דער סצענע, אויפ־הערען צו שפיעלען א ראלע; זיך אבטרא־גען פון דער וועלט, שטארבען.

go on (גאו אן) געהן ווייטער אדער פאר־ווערטס; פארטזעצען; פראגרעסירען; זיך אנטהאן, זיך צופאסען [וועגען א קלייד]; אויפפיהרען זיך.
Let me **go on** with my work.

go one bet'ter (גאו הוואן בעט'–ער) איבערשטייגען אין וועטען [אננעהמען איינעמס א וועט און פארשלאגען דעם וועט צו העכערען]; איבערשטייגען.

go one's way (גאו הוואנז הוויי) געהן ווייטער, פארטזעצען דעם וועג; געהן מיט דעם אייגענעם וועג [ניט נאכטאנצען אנ־דערע].

go on horse'back (גאו אן האהרס'–בעק) רייטען אויף א פערד.

go on ill (גאו אן איל) וועניג ערפאלג האבען.

go on the high'way (גאו אן טהי

האי'-הוויי) ווערן א וועגיגזלן אדער א גאַ־סען־רויבער.

go on the stage (גאו אן טהי סטיידזש) געהן אויף דער ביהנע, ווערען אן אקטיאר.

go on the town (גאו אן טהי טאון) ווערען א גאסען־פרוי.

goo'roo *n.* (גוה'-רוה) אין אסט־אינ־דיען — א גורו [א גייסטליכער וואס שפיעלט די ראלע פון אן ערציהער און בעל־יועץ].

goosan'der *n.* (גו-סען'-דער) דער קאלבען־טויכער [א מין ווילדע קאטשקע].

goose *n. and v.* (גוהס) א גאנז; א נאר, א שוטה; א שניידער'ס פרעס־אייזען; דאס גאנז־שפיעל [א מין שפיעל אין ענג־לאנד]; אויספייפען, פערגאגאטשען איי־נעם.

goose'beak *n.* (גוהס'-ביעק) ז. *dolphin*.

goose'berry *n. and a.* (גוהז'-בער-אי) אן אגרעס [א פרוכט]; וואס איז שייך צו אגרעסען; געמאכט פון אגרעסען.

goose'berry-eyed *a.* (גוהז'-בער-אי-איד) וואס האט מאטע, טונקעלע אויגען.

goose'berry-eyes *n.* (גוהז'-בער-אי-איז) מאטע, טונקעלע אויגען.

goose'berry fool (גוהז'-בער'-אי פוהל) א געריכט פון אגרעסען, מילך און צוקער; א נארישער פראנט.

goose'-corn *n.* (גוהס'-קאהרן) בימזען־גראז.

goose'-egg *n.* (גוהס'-עג) א נול אלס ציייכען פון א פעהלער.

goose'-flesh *n.* (גוהס'-פלעש) גענזען־הויט [א שארסטקע הויט, ווי די הויט פון אן אבגעפליקטער גאנז, וועלכע ווערט ביים מענשען פון קעלט, שרעק א. ד. ג.].

goose'foot *n.* (גוהס'-פוט) די גענזענפוס [א מין פלאנצע, ביי וועלכער די בלעטער זעהען אויס ווי פיסלעך פון גענז].

goose'-grass *n.* (גוהס'-גרעס) קלעב־קרויט [א מין גראז מיט דינינקע בלעט־לעך און קליינע ווייסע און גרינע בלי־טהען].

goose hangs high (גוהס העננג האי) די אויסזיכטען אויף דער צוקונפט זיי־נען גלענצענד; עס זיינען דא גוטע האפ־נונגען.

goose'neck *n.* (גוהס'-נעק) א מאשינען־טייל, א האטשיק אדער וועלכע עס איז מעכאנישע פארריכטונג וואס איז אויסגע־בויגען ווי דאס העלזעל פון א גאנז.

goose'-pim'ples *n.* (גוהס'-פימפלז) די קנייטשען אויף גענזען־הויט.
ז. *goose-flesh*.

goose'-quill *n.* (גוהס'-קהוויל) א גענזען־נע פעדער.

goose'-skin *n.* (גוהס'-סקין) די הויט פון א גאנז; אזא זארט דינער לעדער וואס איז עהנליך צו גענזען־הויט; א שארסטקע הויט [ווי די הויט פון א גאנז], וועלכע ווערט פון קעלט אדער פון שרעק.

goose'-step *n.* (גוהס'-סטעפ) דאס טאפ־טשען זיך אויף איין ארט [וועגען מילי־טער, ווען עס ווערט אבגעקלאפט דער מארש־טאקט אויף איין ארט].

goose'tongue *n.* (גוהס'-טאנג) דער נים־ווארצעל [אזא מין גראז וואס זיין שטויב רייצט זעהר שטארק די נאז און רופט ארויס ניסען]; אזא גיפטיגע פלאנצע וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין.

goose'-wing *n.* (גוהס'-הווינג) א פלינגעל פון א גאנז; דער ווינקעל פון א זעגעל.

goos'ey *a. and n.* (גוהס'-אי) עהנליך צו א גאנז; נאריש, לעכערליך; א גענ־זעל; א דומקאפ.

goos'iness *n.* (גוהס'-אי-נעס) דאס זיין ווי א גאנז.

goos'y *a.* (גוהס'-אי) עהנליך צו א גאנז; נאריש, לעכערליך.

go out (גאו אוט) ארויסגעהן פון עפעס; אויסגעהן; פערלאשען ווערען; ארויסטרע־טען אין געזעלשאפט [אויף בעלער א. ד. ג.]; פיהלען א ליעבע אדער סימפאטיע; ארויסטרעטען אין קאמפף.

go out of one's mind (גאו אוט אוו הוואנז מאינד) ווערען אויסער זיך, פון די כלים ארויסגעהן; משוגע ווערען; ארויס פון זינען, פערגעסען.

go out of one's way (גאו אוט אוו הוואנז הוויי) פערבלאנדזשען, אראבגעהן פון וועג; אנלויגען וועג.

go o'ver (גאו או'-ווער) אריבערגעהן, אריבערפאהרען; דורכגעהן דורך עפעס; אריבערגעהן אויף דער אנדערער זייט [אין שונא'ס לאגער, צו א געגנערישער אידעע א. ד. ג.]; איבערקוקען, איבערלע־זען, דורכשטודירען.

G. O. P. ראשי תבות פון די ווער־טער *Grand Old Party*.

go'pher *n. and v.* (גאו'-פער) א מין אמעריקאנישער קראט, וואס גראבט זיך אין דער ערד; א גארד־אמעריקאנישער גריזון וואס איז עהנליך צו א גרויסען ראץ; א מין שלאנג; א קובען פון שטע־רען טייג, א וואפעל; אנהויבען גראבען א שאכטע אויף ריזיקע אדער אויף קליינעם שטייגער.

go'pher-man *n.* (גאו'-פער-מען) א רוי־בער וואס עקספלאדירט אייזערנע געלד־שראנקען.

go'pher-wood *n.* (גאו'-פער-הוואוד) פימסען־האלץ, עצי־גופר [דאס האלץ פון וועלכען נח האט געבויט די תיבה].

gor'dian *n.* (גאהר'-די-ען) א שווערי־קייט, א פערפלאנטערניש; דער־האר־ווארים [א דינער און לאנגער ווארים, עהנליך צו א האר פון א פערד'ס עק. געפינט זיך אין טייכען און אזיערעס].

Gor'dian knot (גאהר'-די-ען נאט) אין די גריכישע לעגענדען — דער גארדישער קנופ [דער קנופ, מיט וועלכען עס איז געווען פערבונדען גארדיאוס'עס רייט־וואגען אין טעמפעל פון גאלאטעא. דער אראקעל האט נביאות געזאגט, אז דער, וועד עס וועט פאנאנדערפלאנטערען און אבבינדען דיע־זען קנופ, וועט הערשען איבער גאנץ אזיען. אלעקסאנדער מוקדון האט דיעזען קנופ פאַ־נאנדערגעהאקט מיט זיין שווערד]; א פערפלאנטערטע זאך, א שווערער עניין.

gore *n. and v.* (גאור) [א צוויקעל] א קלין אין א העמד אדער קלייד]; א דריי־עקיג שטיק לאנד; דיק אדער פערשטייפט בלוט; שטויסען; שטעכען; ארייננעהען א קלין אין א העמד אדער קלייד.

gorge *n. and v.* (גאהרדזש) דער גאר־געל, דער האלז, די קעהל; דאס וואס ווערט איינגעשלונגען; עסענוווארג; דאס איינ־שלינגען, דאס עסען מיט איילעניש; א קוי־פע, א מאסע וואס פערשטעלט דעם דורכ־גאנג; א געפיהל פון איבערדרויסיגקייט אדער עקעל; א מין לייסט ביי דעם גע־זימס פון א זייל אדער געביידע; א שמא־לער דורכגאנג צווישען הויכע פעלזען; דער ארייננגאנג אין א באסטיאן פון א פעס־טונג; דער אויסשניט אדער פערטיעפונג אויף דעם ראנד פון א בלאק; איינשלינ־גען, פערשלוקען; אנקארמענען, אנשטאפען; זעטיגען; זיך אנשטאפען [מיט עסען].

gor'geous *a.* (גאהר'-דזשאס) גלענצענד, שיינענד, פרעכטיג; איבערגעגעבען צו פוץ.

gor'geously *adv.* (גאהר'-דזשאס-לי) אויף א גלענצענדער, פרעכטיגער ארט.

gor'geousness *n.* (גאהר'-דזשאס-נעס) גלאנץ, פראכט, פרעכטיגקייט.

gor'get *n.* (גאהר'-דזשעט) א האלז־שילד [א מין פאנצער אדער שילד וואס בעדעקט דעם האלז און טיילווייז דאס הארץ]; א ברייטער האלז באנד; אין כירורגיע — א געוויסער אינסטרומענט וואס ווערט בע־נוצט אין אפעראציאנען ביים ארויסשניי־דען גאל־שטיינער.

Gor'gon *n.* (גאהר'-גאן) אין דער גרי־כישער מיטאלאגיע — איינע פון די גארגאנען [די דריי שרעקליכע שוועסטער, צווישען וועלכע די שרעקליכסטע איז גע־ווען מעדוזא. איהר קאפ אנשטאט האר איז געווען בעפלאכטען מיט שלאנגען און יע־דער, וועלכער פלעגט זי דערזעהן, פלעגט פערשטיינערט ווערען. פערסעאוס האט זי דער'הרג'עט און אבגעשניטען איהר קאפ].

gor'gon *n. and a.* (גאהר'-גאן) מעדוזא'ס קאפ; עפעס וואס איז שוידער־ליך און עקעלהאפט; א פרויענצימער מיט אן אבשטויסענדען געזיכט אדער מאניע־רען; א געוויסער זארט מאשינען אויף א דאמפף־שיף; וואס איז שייך צו א גאר־גאן; זעהר העסליך אדער אבשטויסענד.
ז. *Gorgon*.

gorgo'nean *a.* (גאהר-גאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דער גארגאן; ווי די גארגאן.
ז. *Gorgon*.

gorgo'nian *a.* (גאהר-גאו'-ני-ען)
ז. *gorgonean*.

gorgonzo'la *n.* (גאהר-גאנ-זאו'-לא) א מין קעז וואס ווערט געמאכט פון גערעמס־טער מילך אין דעם איטאליענישען דארף גארגאנזאלא, נים ווייט פון מילאן.

goril'la *n.* (גא-ריל'-א) די גארילא, איינע פון די גרעסטע מענשען־עהנליכע אפען. געפינט זיך אין די הייסע לענדער פון אפריקא און צייכענט זיך אויס מיט איהר אונגעהייערער שטארקייט און בייזי־קייט.



Gorilla

gor'ing *n. and a.* (גאור'-אינג) א שטיק מוך וואס איז אבגעשניטען שרעג [קאסע], כדי דאס אבגעשניטענע שטיק זאל אויס־ווייזען ברייטער; שרעג געשניטען.

gor'mand *n.* (גאהר'-מענר) א פרעסער, א זולל וסובא; א נאשער.

gor'mandic *a.* (גאהר'-מענ-דיק) פרע־סעריש, ווי א זולל־וסובא.

gor'mandise *v.* (גאהר'-מענ-דאיז) ז. *gormandize*.

gor'mandism *n.* (גאהר'-מענ-דיזם) פרעסעריי, נאשעריי.

gor'mandize *v.* (גאהר'-מענ-דאיז) פרעסען, איבערעסען זיך.

gor'mandizer *n.* (גאהר'-מענ-דאי-זער) א פרעסער, א זולל־וסובא, א נאשער.

go round (גאו ראונד) אויסטיילען יע־דען א חלק.
There is enough food to **go round** for all.

gorse *n.* (גאהרס) גונסטער [א מין שטע־כיגער דארן]. ז. *furze*.

gor'sy *a.* (גאהר'-סי) מיט בעוואקסען גונסטער [שטעכיגע דערנער]. ז. *furze*.

go'ry *a.* (גאו'-רי) בלוטיג; איינגעשמירט אין בלוט; ווי פערגליווערט בלוט.

go secur'ity (גאו סי-קיור'-אי-טי) ערוב זיין.

gosh! *int.* (גאש) דאנערוועטער!

gos'hawk *n.* (גאס'-האהק) א גרויסער פאלק־פויגעל, א יאסטרעב, א שפארבער.

go'shen *n.* (גאו'-שען) א פרוכטבארע גע־גענד [לויט'ן נאמען פון דעם לאנד גשן, וואו די אידען האבען געוואהנט בעת זיי זיינען געווען אין מצרים].

gos'let *n.* (גאז'-לעט) זעהר א קליינע גאנז פון דעם מין גענז אין דרום־אפריקא און אויסטראליען, וועלכע זיינען ניט גרע־סער פון קאטשקעס.

gos'ling *n.* (גאז'-לינג) א יונגע גאנז; די קאצענ־בלום [אזעלכע בליהונגן] פון א ווידען־בוים [ווערבע].

gos'ling-green *n.* (גאז'-לינג-גריען) א געלב־גרינליכער קאליר.

go slum'ming (גאו סלאמ'-אינג) געהן אין די שמוציגע קווארטאלען, כדי זיך צו־צוקוקען צום לעבען פון ארעמען פאלק.

go sol'diering (גאו סאול'-דזשער-אינג) געהן פאר א סאלדאט.

gos'pel *n., a. and v.* (גאס'-פעל) דאס עוואנגעליום [דאס נייע טעסטאמענט, ברית חדשה] אדער א טייל פון עוואנגעליום; א בשורה; די פערקינדיגונג וועגען יע־זוס'ען; א לעהרע; אן אונבעשטרייטבא־רער אמת; וואס איז שייך צום עוואנגע־ליום; עוואנגעליש; פערשפרייטען דאס עוואנגעליום; מאכען שטארק פרום [ווע־גען קריסטען].

gos'peler *n.* (גאס'-פעל-ער) איינער וואס האלט זיך שטרענג אדער פאנאטיש אן דעם עוואנגעליום [ברית חדשה]; אן אי־בערגעבענער פראטעסטאנט; אן עוואנגע־ליסט; א פוריטאנער; א גלח וואס לייענט פאר אין קירך דאס עוואנגעליום; א פרע־דיגער פון עוואנגעליום, א מיסיאנער.

gos'pelize *v.* (גאס'-פעל-איז) פרעדי־גען די לעהרע פון דעם נייעם טעסטאמענט.

gos'peller *n.* (גאס'-פעל-ער) ז. *gospeler*.

gos'pel truth (גאס'-פעל טרוטה) אן אונבעשטרייטבארע ווארהייט.

gos'samer *n. and a.* (גאס'-ע-מער) די פליהענדע זומער־פעדים, די פליהענדע שפינוועב; דינע מארלע, גאז [אזא דינער דורכזיכטיגער שטאף ווי עס ווערט גע־ברויכט פאר שלייערס]; א דינער וואסער־פעסטער אויבער־מאנטעל [וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער]; לייכט און דין [ווי מארלע אדער גאז].

gos'samery *a.* (גאס'-ע-מער-אי) לייכט און דין [ווי מארלע אדער גאז].

gos'sip *n. and v.* (גאס'-איפ) א שוואַ־צער, א פלוידער־זאק; א בעריידער, א בעל לשון הרע; פלוידעריי, א פוסטער שמועס; לשון הרע; בעריידעריי; א טויף־פאטער, א טויף־מוטער; פלוידערען, שמועסען; בע־ריידען, ריידען לשון הרע; פערשפרייטען סקאנדאליעזע געשיכטען, ריידען רכילות.

gos'siper *n.* (גאס'-אי-פער) א שוואצער, א פלוידערער, א בעריידער, א בעל לשון הרע'ניק; א פערשפרייטער פון סקאנדא־ליעזע געשיכטען.

gos'siping *n.* (גאס'-איפ-אינג) פלוידע־ריי, שוואצעריי; בעריידעריי, לשון הרע; דאס פערשפרייטען סקאנדאליעזע געשיכ־טען.

gos'sipmonger *n.* (גאס'-איפ-מאנ-גער) א בעריידער, א בעל לשון הרע, א רכילות־ניק, א פערשפרייטער פון סקאנדאליעזע געשיכטען.

gos'sipry *n.* (גאס'-איפ-רי) פלוידעריי, פלאפלעריי, שוואצעריי; אן ארומגעהענ־דער קלאנג.

gos'sipy *a.* (גאס'-איפ-אי) שמועסענדיג, פלוידערענדיג, לייכט אונטערהאלטענדיג.

gossoon' *n.* (גא-סוהן') א שיק־אינגעל; א דיענער [אין אירלאנד].

got (גאט) געקראגען, בעקומען. ז. *get*.

Goth *n.* (גאטה) א גאט [איינער פון די גאטען אדער גערמאנישע פעלקער]; א בארבאר; א ניט־ציוויליזירטער, גראבער אדער אונוויסענדער מענש.

Go'thamist *n.* (גאו'-טהעם-איסט) א בע־שרענקטער מענש, א "כעלמער", א נאר [צוליעב דעם וואס די איינוואהנער פון גאטהאם, אין ענגלאנד, האבען געהאט א שם פאר נאראנים].

Go'thamite *n.* (גאו'-טהעם-איט) אן איינוואהנער פון גאטהאם [ענגלאנד] אדער פון ניו יארק [אמעריקא]; א גא־טהאמער; א ניו יארקער; א בעשרענקטער מענש, ניט קיין גרויסער חכם. ז. *Gothamist*.

go the ut'most length (גאו טהי אט'-מאוסט לענגטה) אנווענדען די עקסטרעמ־סטע מיטלען.

go the way of all flesh (גאו טהי וויי אוו אהל פלעש) שטארבען.

go the whole fig'ure (גאו טהי האול פיג'-ייר) אנווענדען ראדיקאלע מיטלען; זיך ניט אבשטעלען פאר קיין זאך; טהאן גרינדליך.

go the whole hog (גאו טהי האול האג) גרינדליך עפעס טהאן; טהאן עפעס ניט אבשטעלענדיג זיך פאר קיין זאך.

go the whole length (גאו טהי האול לענגטה) דורכפיהרען א זאך ביז'ן סוף; אננעהמען ראדיקאלע מיטלען.

Goth'ic *a. and n.* (גאטה'-איק) גאטיש, וואס איז שייך צו די גאטען [פארצייטי־גע גערמאנישע פעלקער]; גראב, בארבא־ריש; די שפראך פון די גאטען; אין דרוי־קעריי — די גאטישע שריפט [אזא שפי־ציגע שריפט ווי די דייטשע]; דער גאטי־שער סטיל אין ארכיטעקטור. ז. *Gothic style*.

goth'ic *n.* (גאטה'-איק) א נאמען פאר א געוויסער דרוק־שריפט אין אמעריקא [די שריפט איז קאנטיג און אהן האר־שטרי־כען].

THIS LINE IS IN GOTHIC

Goth'ic architec'ture (גאטה'-איק אר-קי-טעק'-טשור) דער גאטישער סטיל אין ארכיטעקטור. ז. *Gohtic style*.

Goth'icism *n.* (גאטה'-אי-סיזם) א גא־טישער אויסדרוק אין דער שפראך; דער גא־טישער סטיל אין ארכיטעקטור; גראבקייט, ווילדקייט, בארבאריזם.

Goth'icize *v.* (גאטה'-אי-סאיז) מאכען גאטיש; מאכען גראב, בארבאריש.

Goth'ic style (גאטה'-איק סטאיל) דער גאטישער סטיל אין ארכיטעקטור; דער שפיץ־בויגען סטיל, וועלכער האט געהערשט אין אייראפא צווישען 12טען און 16טען יאהרהונדערט.


Gothic Style

Goth'ic win'dow (גאטה'-איק ווינ'-דאו) א פענסטער אין גאטישען סטיל.


Gothic window

go through (גאו טהרוה) דורכגעהן, דורכמאכען, אויסהאלטען, זיך אויסשטעהן, ענדיגען; פאהרען דירעקט, ניט בייטענ־דיג דעם צוג אדער דעם טראמוואי; בע־רויבען; אנטהאן צרות.

go through one's sweat (גאו טהרוה וואנז סוועט) דורכפיהרען אן אויפגא־בע; דערנעהנטערען זיך צום ציעל; האל־טען ביים איבערקומען די צרות.

go through the mill (גאו טהרוה טהי מיל) דורכגעהן א שווערע לעהרע אדער דיסציפלין; פיעל דורכמאכען; זיין גע־ניט, ערפאהרען.
In order to become real Americans, all immigrants must **go through the mill.**

go through with (גאו טהרוה הוויטה) דורכפיהרען; ענדיגען; ערגרייכען.

go to! (גאו טו) געה צום טייוועל!

go to a price (גאו טו ע פראיס) צאה־לען א גרויסען פרייז; געהן אזוי ווייט ווי...

go to bed (גאו טו בעד) לעגען זיך שלאפען.

go to decay' (גאו טו די-קיי') פאנאנ־

דערפאלען, זיך צופאלען, פערוויאנעט ווע־
רען, אונטערגעהען.
Nations as well as individuals go to decay.
go to expen'ses (גאו טו עקס־פענ׳־
סעז) זיך לאזען קאסטען.
go to extremes' (גאו טו עקס־טריעמז׳)
פערגעהען צו ווייט, אנווענדען עקסטרעמע
מיטלען, איבערטרעטען די גרענעצען פון
דעם געוועהנליך־אנגענומענעם.
go togeth'er (גאו טו־געטה׳־ער) געהען
צוזאמען; זיך צוזאמענקומען, זיך פער־
זאמלען; פאסען זיך איינער צום אנדערען;
זיין צוזאמענגעבונדען.
go togeth'er by the ears (גאו טו־
געטה׳־ער באי טהי איערז) זיך רייסען ווי
די קעץ.
go to grace! (גאו טו גרייס) געה צום
טייוועל!
go to grass (גאו טו גראס) געהן אויף
פאשע [ווענען א פערד וואס טויג שוין
ניט צו דער ארבייט]; ארויס פון גע־
ברויך אדער פון דיענסט; געהן צום טיי־
וועל; שטארבען; אומגעשליידערט ווערען
מיט קראפט.
go to Guin'ea! (גאו טו גינ׳־אי) געה צו
אל די רוחות!
go to Hal'ifax! (גאו טו העל׳־אי־פעקס)
געה צום טייוועל!
go to it ding'-dong (גאו טו איט
דינג׳־דאנג) זיך שלאגען אויף׳ן רעכטען
אמת.
go to Jer'icho! (גאו טו דזשער׳־אי־
קאו) געה צו אל די רוחות!
go to law (גאו טו לאה) אנהויבען א
פראצעס, זיך משפט׳ען.
go to loss (גאו טו לאהס) פערלארען ווע־
רען.
go'-to-mee'ting *a.* (גאו׳־טו־מיע׳־
טינג) יום־טוב׳דיג [ווענען קליידער].
go too far (גאו טו פאר) געהן צו ווייט,
זיך ערלויבען צופיעל.
go to pie'ces (גאו טו פיע׳־סעז) צופא־
לען אויף שטיקלעך, פאנאנדערפאלען, צו־
שמעטערט ווערען.
I am overworked. I fear I shall go to pieces.
go to pound (גאו טו פאונד) איינגע־
שפארט ווערען אין געפענגניס.
go to press (גאו טו פרעס) געהען צו
דרוק, נעהמען דרוקען.
go to roost (גאו טו רוהסט) געהן שלא־
פען.
go to ru'in (גאו טו רוה׳־אין) פאנאנ־
דערפאלען, פערוואנדעלט ווערען אין
שטויב, רואינירט ווערען.
go to sea (גאו טו סיע) ווערען א מאט־
ראז.
go to smash (גאו טו סמעש) רואינירט
ווערען; צו גרונד געהן.
go to the coun'try (גאו טו טהי קאנ׳־
טרי) ארויספאהרען אין דארף, ארויספאה־
רען אויף א דאטשע; אפעלירען צום פאלק;
זיך אונטערווארפען א נייער וואהל.
go to the dogs (גאו טו טהי דאגז)
פאנאנדערפאלען, פערלארען געהן.
go to the wall (גאו טו טהי וואהל)
צוגעשפארט ווערען צו דער וואנד; שלעכט
אבשניידען; באנקראטירען.
got'ten (גאט׳ן) ער־ געקראגען, בעקומען,
ווארבען. ז. *get*
gouache' *n. and a.* (גהוועש) אזא מין
מאטע מאלעריי מיט וואסער־פארבען; ביל־
דער אזוי געמאלען; וואס איז שייך צו
דיעזען מין מאלעריי.
gouge *n. and v.* (גאודזש) א רונדער
דלאט [מייסעל]; אין בוכבינדעריי — אזא
אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט ביי
גילדען; אזא מין מושעל; א געצייג צו
שניידען לעדער אדער פאפיער; מאכען א
לאך, אויסבויערען, אבברעכען [ווי מיט
א דלאט]; גראב אדער מיאוס בעשווינד־
לען אדער אבנארען.
gou'ger *n.* (גאו׳־דזשער) איינער וואס
בויערט אדער ברעכט [מיט א דלאט
אדער ווי מיט א דלאט]; א שווינדלער.
gouge'-slip *n.* (גאודזש׳־סליפ) א שארפ־
שטיין [פאר דלאטען אדער מייסעל].
goujat' *n.* (גוה־זשא׳) א דיענער אין א
לאגער, א דיענער פון אן אפיציער.
gou'jon *n.* (גוה׳־זשאן) דער פלאך־קעפי־
גער קאץ־פיש [אזא גרויסער פיש אין די
פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].
Gou'lard wa'ter (גוה׳־לארד הוואה׳־
טער) גולארדס וואסער, בלייוואסער
[ווערט געברויכט אלס מעדיצין ביי ענט־
צינדונגען].
gou'lash *n.* (גוה׳־לעש) [א גולאש
שטארק געווירצטע אונגארישע געברא־
טענס פון אקסענפלייש, ציגענפלייש און
קארטאפעל].
go un'der (גאו אנ׳־דער) אונטערגעהען,
זינקען, רואינירט ווערען; שטארבען; זיין
בעקאנט אונטער א געוויסען נאמען.
go un'der an ill report' (גאו אנ׳־
דער ען איל רי־פאורט׳) האבען א שלעכ־
טען נאמען.
go un'der the ham'mer (גאו אנ׳־
דער טהי העמ׳־ער) געהן אונטער׳ן האמער,
פערקויפט ווערען אויף אן אויקציאן.
go up (גאו אפ) ארויפגעהען, ארויפשטיי־
גען; שטייגען [ווענען פרייזען]; זיך אב־
רוקען, אוועקגעהען ווייטער פון די פוס־
לעמפלעך אויף דער ביהנע; פינאנציעל
רואינירט ווערען; אבגענוצט ווערען, אב־
געטראגען ווערען; געהאנגען ווערען, שטאר־
בען.
go up and down (גאו אפ ענד דאון)
געהען אהין און אהער, זיך ארומשלעפען,
זיך ארומדרעהען.
go up a tree (גאו אפ ע טריע)
זיין אויף צרות, זיין אין א שווערער פערלע־
גענהייט אדער געפאהר.
go upon' (גאו א־פאן׳) זיך גרינדען אויף,
ארויסגעהען פון [א געוויסער בעהויפטונג
אדער געדאנק אין ארגומענטירען].
go upon' li'king (גאו א־פאן׳ לאי׳־
קינג) געהען אויף פראבע.
go upon' the pad (גאו א־פאן׳ טהי
פעד) ארויסגעהן אויף גאסען־רויב.
go up the spout (גאו אפ טהי ספאוט)
צוזאמענברעכען, זיין אין א צרה׳דיגען צו־
שטאנד [ווענען אונטערנעהמונגען]; געהן
אויף דער תליה, געהאנגען ווערען.
gourd *n.* (גאורד) א קירבעס; א קירבעס־
פלאנצע; א קירבעס־פלאש [פון קירבעס־
שאלעכץ].
gourde *n.* (גוהרד) א דאלאר [ווערט אזוי
גערופען אין לואיזיענע, קובא, האאיטי און
איינינע אנדערע געגענדען].
gour'diness *n.* (גאור׳־די־נעס) אן אנ־
שווילונג אויף א פערד׳ס פוס.
gourds *n.* (גאורדס) פאלשע [אויסגע־
הוילטע] ווירפעל.
gourd'-shell *n.* (גאורד׳־שעל) די שא־
לעכץ פון א קירבעס [אלס פלאש].
gourd'-tree *n.* (גאורד׳־טריע) דער
קאלאבאסען־בוים; די קירבעס־פלאנצע.
gourd'worm *n.* (גאורד׳־הוואירם) דער
לעבער־ווארים.
gour'dy *a.* (גאור׳־די) אויפגעשוואלען
[ווענען די פיס פון א פערד].
gour'mand *n.* (גאהר׳־מענד)
ז. *gormand*
gour'mandic *a.* (גאהר׳־מענ־דיק)
ז. *gormandic*
gour'mandism *n.* (גאהר׳־מענ־דיזם)
ז. *gormandism*
gour'mandize *v.* (גאהר׳־מענ־דאיז)
ז. *gormandize*
gour'mandizer *n.* (גאהר׳־מענ־דאי־
זער) ז. *gormandizer*
gourmet' *n.* (גוהר־מיי׳) א מבין אויף
גוטע מאכלים; א ליעבהאבער פון גוט
עסען און טרינקען.
gout *n.* (גאוט) [א גיכט אדער פאדאגרא
קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין א
שארפען וועהטאג אין איינינע געלענקען פון
פוס און בעזאנדערס אין גראבען פינגער].
gout *n.* (גוה) געשמאק, נייגונג אדער
לוסט צו עפעס.
gou'tiness *n.* (גאו׳־טי־נעס) גיכט אדער
פאדאגרא־שמערץ. ז. *gout*
gout'-stone *n.* (גאוט׳־סטאון) ליים־
שטיין אדער א מין פערהארטונג וואס
בילדעט זיך פון גיכט [פאדאגרא].
gout'-swelled *a.* (גאוט׳־סהוועלד) פער־
שוואלען פון גיכט אדער פאדאגרא.
gout'-swoll'en *a.* (גאוט׳־סהוואולן)
ז. *gout-swelled*
gout'weed *n.* (גאוט׳־הוויעד) גליעד־
קרויט [א מין פלאנצע, וועלכע מען האט
אמאל גענוצט אלס מיטעל צו גיכט
אדער פאדאגרא].
gout'wort *n.* (גאוט׳־הוואירט)
ז. *goutweed*
gou'ty *a.* (גאו׳־טי) וואס ליידעט אויף גיכט
אדער פאדאגרא; וואס געהערט צו פאדאג־
רא; אנגעשוואלען. ז. *gout*
gou'ty disease' (גאו׳־טי די־זיעז׳) די
גיכט אדער פאדאגרא ז. *gout*
Gov. אבקירצונג פון *governor*
gov'ern *v.* (גאוו׳־ערן) רעגיערען, פיה־
רען, בעהערשען, הערשען; אין גראמא־
טיק — רעגיערען, פאדערען נאך זיך דאס
אדער יענעם ווארט אין א געוויסער גרא־
מאטיקאלישער פארם.
gov'ernable *a.* (גאוו׳־ער־נעבל) אונ־
טערווערפיג; וואס לאזט זיך בעהערשען;
וואס ווערט רעגיערט.
gov'ernableness *n.* (גאוו׳־ער־נעבל־
נעס) דאס לאזען זיך בעהערשען, דאס ווע־
רען רעגיערט.
gov'ernance *n.* (גאוו׳־ער־נענס) ליי־
טונג, פיהרונג, פערוואלטונג.
gov'erness *n. and v.* (גאוו׳־ער־נעס)
א גובערנאנטקע, א פרויענצימער וואס איז
אנגעשטעלט אין א הויז צו לערנען און
ערציהען די קינדער; א פערוואלטעריז, א
הערשערין, א גובערנאטארין; שפיעלען
די ראלע פון א גובערנאנטקע.
gov'ernment *n.* (גאוו׳־ערנ־מענט) רע־
גיערונג, אנפיהרונג, פערוואלטונג, אויפזע־
הונג, קאנטראל; די רעגיערונג אדער פער־
וואלטונגס־ראטה פון א מלוכה, פון א גע־
זעלשאפט א. ד. ג.; די פערוואלטונגס־סיס־
טעם פון א לאנד, פון א שטאאט, פון א
געמיינדע א. ד. ג.; א גובערניע; אין גרא־
מאטיק — דאס רעגיערען פון ווערטער.
ז. *govern*
governmen'tal *a.* (גאוו־ערנ־מענ׳־
טעל) פון דער רעגיערונג אדער וואס גע־
הערט צו דער רעגיערונג.

gov'ernment-loan *n.* (גאוו'-ערנ־מענט-לאון) א רעגיערונגס־הלוואה.

gov'ern one's self (גאוו'-ערן הוואנז סעלף) זיך בעהערשען, זיך האלטען אין די הענד.

gov'ernor *n.* (גאוו'-ער-נאר) א רעגיע־רער, א הערשער; א פערוואלטער פון א געוויסער אינסטיטוציאן אדער איינריכ־טונג; א גובערנאטאר; א גאווערנער, א לעהרער; א פאטער, א בעל־הבית, אן על־טערער; אין א דאמפף־מאשין — דער רעגולאטאר.

gov'ernor-gen'eral *n.* (גאוו'-ער-נאר-דזשענ'-ע-רעל) א גענעראל־גובערנאטאר.

gov'ernorship *n.* (גאוו'-ער-נאר-שיפ) גובערנאטארשאפט; דאס אמט פון א גו־בערנאטאר.

gow'an *n.* (גאו'-ען) א מארגאריטקע [אזא בלום].

go well with (גאו הוועל הוויטה) וואויל געהן, זיין אין א גוטען צושטאנד.

go with (גאו הוויטה) מיטגעהן; נעהמען אנטייל; איינשטימען.

go with child (גאו הוויטה טשאילד) זיין טראגעדיג.

go without' (גאו הוויטה-אוט') זיך בע־געהן [אהן עפעס].

It is easier to go without eating than without drinking.

go without' say'ing (גאו הוויטה-אוט' סיי'-אינג) אנגענומען ווערען אהן דבורים; פערשטאנען ווערען אהן שום ערקלערונגען.

go with the stream (גאו הוויטה טהי סטריעם) שווימען מיט'ן שטראם.

It is not always wise to go with the stream.

go with the wind (גאו הוויטה טהי הווינד) געהן וואו דער ווינד בלאזט.

gown *n. and v.* (גאון) א פרויען־קלייד; א לאנגער פרייער בגד; א טאלאר [א לאנ־גער ברייטער אויבערמאנטעל ווי עס טרא־גען אין געוויסע לענדער פראפעסארען, יו־ריסטען, גלחים א. ד. ג.]; זיך אנטהאן א ברייטען לאנגען מאנטעל אדער אן עהנלי־כען בגד.

gown'man *n.* (גאונ'-מען) ז. *gownsman*.

gowns'man *n.* (גאונז'-מען) א טאלאר־טרעגער [איינער וואס טראגט א לאנגען ברייטען אויבערמאנטעל ווי א פראפעסאר, א יוריסט, א גלח א. ד. ג.].

go wrong (גאו ראנג) א טעות האבען, זיין אומגערעכט; פערקריכען קיין בויבע־ריק.

goy *n.* (גאי) א גוי.

goy'im *n.* (גאי'-אים) גויים.

goz'zard *n.* (גאז'-ערד) א גענזען־פאס־טוך; א נאר, א דומער יונג.

G. P. O. ראשי תבות פון די ווערטער *general post-office* [די הויפט פאסט־קאנטאר].

gr. אבקירצונג פון *groshen* אדער *gram*

grab *v. and n.* (גרעב) כאפען, גרייפען, טאפען; פערכאפען, אריינכאפען מיט גוואלט אדער אונגעזעצליך; דאס כאפען; דאס אריינכאפען מיט גוואלט; א מעכא־נישע פערריכטונג אנצונעהמען עפעס.

grab'-all *n.* (גרעב'-אהל) איינער אדער עטוואס וואס פערכאפט אלעס; איינער וואס וויל פערכאפען די גאנצע וועלט; אזא גרויסע נעץ צו כאפען פיש אין ים.

grab'-bag *n.* (גרעב'-בעג) א זאק מיט פערשיעדענע זאכען, וועלכע ווערען פער־קויפט ניט געזעהענערהייד, נאר דורך אריינשטופען די האנד און ארויסנעהמענ־דיג פון זאק וואס עס טרעפט זיך צוערשט [ווערט געברויכט אלס א מיטעל צו מאַ־כען געלד אויף אונטערנעהמונגען פאר וואהלטהעטיגע צוועקען]; א ניט כשר'ער, אונזיכערער מיטעל צו בעקומען געלד.

grab'ber *n.* (גרעב'-ער) א נעהמער, א כאפער; א פערכאפער.

grab'bing *n.* (גרעב'-אינג) דאס כאפען, דאס אריינכאפען מיט גוואלט; דאס אב־קלאפען זיך די פאדקאוועס פון די הינ־טערשטע פיס פון א פערד מיט די פא־דערשטע ביים לויפען.

grab'ble *v.* (גרעבל) גראבלען; טאפען; כאפען.

grab'-buck'et *n.* (גרעב'-באק'-עט) אן אויטאמאטישער לאסט־עמער [אזא גרוי־סער עמער, וועלכען מען געברויכט ביים לאדען און אויסלאדען זאמד, ערד, שטיי־נער א. ד. ג. ער ארבייט אויטאמאטיש, ער נעהמט אליין אריין די משא און לאדט זי אליין אויס].

grab'-hook *n.* (גרעב'-הוק) אזא פיער־פאכיגער האטשיק צו כאפען פיש [די פיער האטשיקעס ווערען בעפעסטיגט אין א שטי־קעל בליי און אנגעבונדען צו דער ווענט־קע]; א האטשיק, א קרוק, א האקען.

grab'-i'ron *n.* (גרעב'-אי'-ערן) א גריף אדער הענטעל פון א פראכט־וואגאן פאר וועלכען די באהן־בעדיענטע האלטען זיך אן ביים ארייכקומען אין וואגאן.

grab'-line *n.* (גרעב'-לאין) א שטריק פון א שיף פאר וועלכער מען ציהט זי, ווען זי קומט נאהנט צום ברעג.

grace *n. and v.* (גרייס) גנאדע; גונסט; בעגנאדיגונג; פערגעבונג, פערצייהונג; א געפעליגקייט, א טובה; גאטס גנאדע; גאטס בארמהערציגקייט; חן, אנגענעהמקייט, גרא־ציע, רייץ, שעהנהייט; א פערוואלטונגס־בעשלוס פון אן ענגלישען אוניווערזיטעט; אין מוזיק — קאלאראטור, א טרעל [אלס א פערציערונג פון א מעלאדיע]; א ברכה פאר'ן עסען אדער בענשען נאך'ן עסען; הערליכקייט, גנאדען [אן אדעל־טיטעל אין ענגלאנד]; בעציערען, בעפוצען; פערשעה־נערען; בעגינסטיגען, בעעהרען; פערשעה־נערען א מעלאדיע דורך קאלאראטור אדער טרעלען.

grace af'ter meat (גרייס עפ'-טער מיעט) דאס בענשען נאך'ן עסען [ברכת המזון].

grace before' meal (גרייס בי-פאור' מיעל) א ברכה פאר'ן עסען.

grace'-cup *n.* (גרייס'-קאפ) א גרויסער בעכער פון וועלכען אלע געסט טרינקען אוועקגעהענדיג פון טיש; א טרונק פון אזא בעכער.

graced *a.* (גרייסט) שעהן, גראציעז, חנ'עוודיג.

grace'ful *a.* (גרייס'-פול) פול מיט חן, גראציעז.

grace'fully *adv.* (גרייס'-פול-אי) אויף א חנ'עוודיגען אדער גראציעזען אופן; חנ'עוודיג, גראציעז.

grace'fulness *n.* (גרייס'-פול-נעס) חנ'עוודיגקייט, שעהנהייט, גראציע.

grace'-hoop *n.* (גרייס'-הוהפ) א רייפעל וואס ווערט בענוצט אין רייפען־שפיעל. ז. *graces*.

grace'less *a.* (גרייס'-לעס) אהן רייץ, אהן חן, אהן געשמאק; גאטלאז, אהן גאטס גנאדע; פערדארבען, אראב פון דרך הישר.

grace'lessly *adv.* (גרייס'-לעס-לי) ז. *graceless*.

grace'lessness *n.* (גרייס'-לעס-נעס) דאס זיין אהן חן, אהן רייץ אדער אהן גע־שמאק; דאס זיין גאטלאז, דאס זיין אהן גאטס גנאדע; פערדארבענהייט.

grace'-note *n.* (גרייס'-נאוט) אין מו־זיק — א קאלאראטור־נאטע, א טרעל.

gra'ces *n.* (גריי'-סעז) דאס רייפען־שפיעל [א שפיעל מיט רייפען און שטעק־לעך וואס האט דעם צוועק צו ענטוויקלען גראציעזע בעוועגונגען].

Gra'ces *n.* (די גריי'-סעז) די גראציען [דריי געטינען פון שעהנהייט, פרייד און לעבענסלוסטיגקייט אין דער גריכישער מי־טאלאגיע].

grace'-stroke *n.* (גרייס'-סטראוק) דער לעצטער שטריך; דער לעצטער קלאפ, א טויט־קלאפ [אום צו טויטען א טויטליך־פערוואונדעטען, כדי איהם צו בעפרייען פון אומזיסטיגע ליידען].

grac'ile *a.* (גרעס'-איל) דין, מאגער; גראציעז.

gracios'ity *n.* (גריי-סי-אס'-אי-טי) דאס זיין גראציעז; חנ'עוודיגקייט; דאס זיין אנגענעהם.

gracio'so *n.* (גריי-סי-או'-סאו) א פא־יאץ, א קלאון [אין א שפאנישער קאמע־דיע]; א ליעבלינג.

gra'cious *a.* (גריי'-שאס) גנעדיג, גי־טיג, גנעדיג, פריינדליך; גאטזעליג, פרום; חנ'עוודיג, גראציעז, רייצענד, שעהן, אנגע־נעהם, סימפאטיש, ליעבליך, אנציהענד.

gra'cious alive'! (גריי'-שאס ע-לאיוו') גאט מיינער! אח! [אן אויסדרוק פון פערוואונדערונג].

gra'ciously *adv.* (גריי'-שאס-לי) פריינדליך, ליעבליך; מיט גנאד, מיט פריינדשאפט, מיט ליעבליכקייט.

gra'cious me! (גריי'-שאס מי) גאט מיינער! [אן אויסדרוק פון פערוואונדע־רונג].

gra'ciousness *n.* (גריי'-שאס-נעס) גנאדע, גיטיגקייט, געפעליגקייט, פריינדליכ־קייט; חנ'עוודיגקייט, חן, רייץ, גראציע.

grack'le *n.* (גרעקל) אזא קראקעדיגער פויגעל.

gra'date *v.* (גריי'-דייט) צו א ברייינגען שטופענווייזע איבערגאנג [ווי פון איין קאליר צו אן אנדערען].

grada'tim *adv.* (גרע-דיי'-טים) שטו־פענווייז, גראדענווייז, א מדרגה נאך א מדרגה, א שריט נאך א שריט.

grada'tion *n.* (גרע-דיי'-שאן) דער שטופענגאנג; א שטופענווייזער פארט־שריט, א שטופענווייזע שטייגערונג; אין מאלעריי — דער שטופענווייזער איבער־גאנג פון איין קאליר צו א צווייטען; אין מוזיק — די שטופענווייזע העכערונג אדער אראבנידערונג פון אקארדען.

grada'tional *a.* (גרע-דיי'-שאנ-על) טרים ביי טרים, שטופענווייז, גראדענווייז.

grad'atory *a.* (גרעד'-ע-טא-רי) שטו־פענווייז, גראדענווייז; שטופענווייז פרא־גרעסירענד.

grade *n. and v.* (גרייד) א גראד, א שטופע; א מדרגה; די משופע'דיגקייט אדער נייגונגס־פלעכע פון א באהן־וועג; א ראנג, א משין; א קוה אדער אקס וואס קומט ארויס פון געקרייצטע [געמישטע] עלטערען; זארטירען; פלאך מאכען; אויס־בעסערען דעם מין דורך קרייצונג [מי־שונג] פון עלטערען.

grade cross'ing (גרייד קראהס'-אינג) אן ארט וואו א געוועהנליכער וועג קרייצט אן אייזענבאהן־וועג.

gra'dient *a. and n.* (גריי'-די-ענט) געהענד, שרייטענד; שטייגענד; וואס געהט

אדער ליופט מיט פיס [וועגן געוויסע רעפטיליען אין געגענזאץ צו די בויך־קריכענדע]; די שטייגונג פון אן אייזענבאהן־וועג, די נייגונגס־פלעכע; אין פיזיק — דאס פערהעלטניס אין וועלכען א פערענדערליכע גרעסע, ווי טעמפעראטור, דרוק א. ד. ג. ענדערט זיך אין איהר ווערטה.

Gradien'tia *n.* (גריי-די-ען׳-שי-א) דער מין רעפטיליען וועלכע געהען אויף פיס [אין געגענזאץ צו די בויך־קריכענדע].

gra'din *n.* (גריי׳-דין) א רייה טרעפ אדער זיץ־פלעצער איינע איבער די אנדערע; א טרעפעל אדער פאך [פאליצע] איבער אן אלטאר; אזא צייהנערדיגער דלאט וואס ווערט בענוצט פון סקולפטארען.

gra'dine *n.* (גריי׳-דין) ז. *gradin*.

grad'ual *a. and n.* (גרעדזש׳-או-על) שטופענווייז, גראדענווייז; א געוויסער לויב־געזאנג אין דער קאטוילישער קירך וואס פלעגט אמאל געזונגען ווערען אויף די טרעפען פון דער בימה; א בוך וואס ענטהאלט דיעזען געזאנג.

gradual'ity *n.* (גרעדזש-או-על׳-אי-טי) דער שטופענגאנג; א לאנגזאמער, שטופענווייזער פארטשריט.

grad'ually *adv.* (גרעדזש׳-או-על-אי) טריט ביי טריט, שטופענווייז; פאמעלעך. Gradually they ascended the mountain.

grad'ualness *n.* (גרעדזש׳-או-על-נעס) דאס שטייגען אדער פארטשרייטען שטופענווייז.

Grad'ual Psalm (גרעדזש׳-או-על סאהם) א שיר המעלות.

grad'uate *v., n. and a.* (גרעדזש׳-או-אייט) איינטיילען אין גראדען; שטייגען; פערבעסערען; ענדערען שטופענווייז; בעווירדיגען מיט אן אקאדעמישען טיטול; גראדואירען אדער ענדיגען [א שוהל אדער אוניווערזיטעט]; קריגען אן אקאדעמישען טיטול; א גראדואירטער אדער געענדיגטער [פון א שוהל אדער אוניווערזיטעט]; א בעווירדיגטער מיט אן אקאדעמישען טיטול; א גלעזערנע כלי, וועלכע איז איינגעטיילט אין גראדען [ווי די, וועלכע ווערען בענוצט פון כעמיקער אדער אפטייקערס]; איינגעטיילט אין גראדען.

grad'uated tube (גרעדזש׳-או-איי-טעד טיוב) א גראדואירטע גלאז־רעהר [אזא לאנג, שמאל גלאז איינגעטיילט אין גראדען].



Graduated Tube

grad'uateship *n.* (גרעדזש׳-או-אייט-שיפ) דער אקאדעמישער טיטול פון א געענדיגטען אדער גראדואירטען [פון אן אוניווערזיטעט אדער אקאדעמיע].

gradua'tion *n.* (גרעדזש-או-איי׳-שאן) א גראדען־איינטיילונג; דאס איינטיילען אין גראדען; דאס גראדואירען אדער ענדיגען [א בילדונגס־אנשטאלט]; דאס בעקומען אן אקאדעמישען טיטול ביים ענדיגען שטודירען; דאס דערהויבען וועלכען עס איז שטאף צו א העכערער מדרגה [ווי די אלכעמיסטען האבען עס געדענקט צו טהאן מיט פראסטע מעטאלען, זיי צו דערהויבען צו גאלד]; דאס קאנצענטרירען אדער געדיכטער מאכען א פליסיגקייט.

grad'uator *n.* (גרעדזש׳-או-איי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס טיילט אין גראדען; א גראדואיר־מאשין [א מאשין וואס טיילט אין גראדען].

gra'dus *n.* (גריי׳-דאס) א פראזאדיען־ווערטערבוך [א בוך וואס ענטהאלט פערשיעדענע ביישפיעלע פון דער פאעזיע, פון דעם בוי פון פערזען און זייער מאס]; א מוזיקאליש שטיק פאר איבונג.

graf *n.* (גראף) א גראף [אן אדעל־טיטול].

graff *n. and v.* (גרעף) א פרעמדע צווייג וואס ווערט אריינגעזעצט אין א בוים; אריינזעצען א פרעמדע צווייג אין א בוים [מרכיב זיין].

graf'fer *n.* (גרעפ׳-ער) איינער וואס איז מרכיב [וואס זעצט אריין א פרעמדע צווייג אין א בוים]; א נאטאריוס.

graft *n. and v.* (גרעפט) א פרעמדע צווייג וואס ווערט אריינגעזעצט אין א בוים; עטוואס וואס ווערט צוגעשטוקעוועט צו אן אנדער זאך; אין כירורגיע — א שטיק פלייש אדער הויט וואס ווערט אבגעשניטען פון איין ארט און צוגעשטוקעוועט צו אן אנדער ארט; פיזישע ארבייט; כאבאר, לא יחרץ געלד, שחד, אונעהרליך געלד; מרכיב זיין [אריינזעצען א פרעמדע צווייג אין א בוים]; צושטוקעווען; אריינפלאנצען; ענג פעראייניגען; אריינשטאפען, אריינפאסען; צושטוקעווען א שטיק הויט אדער פלייש פון איין ארט צום אנדערען; ארבייטען; נעהמען כאבאר, לא יחרץ געלד אדער שחד; אראבלאזען צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטע געלדער, בעזאנדערס קהל׳שע; אין גנבים־שפראך — שלעפען פון די קעשענעס; העלפען אן אנדערען גנב׳ענען; ארויפלעגען נייע זוילען [פאדעשוועס] אויף שטיוועל.

graf'ter *n.* (גרעפ׳-טער) א כאבארניק, א לא יחרץ געלד נעהמער; איינער וואס נוצט אוים א קהל׳שען אמט פאר זיינע אייגענע צוועקען; איינער וואס לאזט אראב צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטע געלדער; א גערטנער וואס זעצט אריין פרעמדע צווייגען אין ביימער.

graf'ting *n.* (גרעפ׳-טינג) דאס מרכיב זיין. [דאס אריינזעצען א פרעמדע צווייג אין א בוים]; דאס צונויפשטוקעווען; דאס נעהמען כאבאר אדער לא יחרץ געלד, דאס אראבלאזען צו זיך אין קעשענע אנפערטרויטע געלדער, בעזאנדערס קהל׳שע; דאס אויסנוצען א קהל׳שען אמט פאר אייגענע צוועקען.


Grafting

graf'ting-knife *n.* (גרעפ׳-טינג-נאיף) א מעסער וואס ווערט בענוצט ביים אריינזעצען פרעמדע צווייגען אין ביימער.

graf'ting-tool *n.* (גרעפ׳-טינג-טוהל) א רידעל, אן אייזערנע לאפעטע צום גראבען.

graf'ting-wax *n.* (גרעפ׳-טינג-הוועקס) בוים־וואקס [אזא מין זאלב געמאכט פון ביענען־וואקס, חלב און אנדערע מאטעריאלען איינצושמירען די ביימער אין וועלכע מען זעצט אריין פרעמדע צווייגען].

Gra'ham bread (גריי׳-עם ברעד) ברויט געבאקען פון אונגעזיפטער ווייצען־מעהל.

Gra'ham flour (גריי׳-עם פלאור) ניט געזיפטע ווייצען־מעהל.

Gra'hamism *n.* (גריי׳-עם-איזם) וועגעטאריאניזם [די לעהרע וועגען שפייזען זיך נור מיט פלאנצען און ניט מיט פלייש אדער פיש. אויף דעם נאמען פון סילוועסטער גרייהעם, אן אמעריקאנער רעפארמער און שרייבער איבער דיעטע (סיסטעם פון נאהרונג). געבארען אין יאהר 1794, געשטארבען אין 1851].

Gra'hamite *n.* (גריי׳-עם-איט) אן אנהענגער פון סילוועסטער גרייהעם׳ס טעאריען וועגען שפייזען; א וועגעטאריאנער.

grail *n. and v.* (גרייל) א גרויסער פלאכער בעכער; דער הייליגער גראל [א געוויסער בעכער וועגען וועלכען עס האט זיך געבילדעט ביי קריסטען א לעגענדע, אז פון איהם האט קריסטוס געטרונקען ביים לעצטען אבענדמאהל און אין וועלכען מען האט אריינגעכאפט די לעצטע טראפענס בלוט פון קריסטוס׳ען ווען מען האט איהם אראבגענומען פון קרייץ]; אזא פייל וואס ווערט בענוצט פון קאמען־מאכער; מאכען קאמען מיט דיעזער פייל.

grain *n. and v.* (גריין) א קערנדעל [הויפטזעכליך א תבואה־קערנדעל]; תבואה; א גראן [געוויכט]; א ברעקעל, א פיצעל, א שטויב; די אויבערפלעכע [אין בעצוג צו גלאטקייט אדער שארפקייט]; דער שטריך אדער די ריכטונג פון די פיברען [אדערען, פעדים, פאזערען — פון האלץ]; פאזערדיגקייט, פעדימדיגקייט [פון האלץ]; כאראקטער, געבוי, נאטירליכע אייגענשאפט אדער נייגונג; דער שארלאך, פורפור [פארב]; א ניט בלאקירענדער קאליר; די האר־זייט פון לעדער; אויסגעברייטע מאלץ [ברייע]; פויגעל־קויט [געברויכט ביים בעארבייטען לעדער]; אזא שפייז צו כאפען פיש; צושטויסען, צומאלען, פערוואנדלען אין קערנדלעך; אבטיילען פון די קערנדלעך; אבפארבען אזוי, אז עס זאל אויסזעהן פאזערדיג, פעדימדיג אדער פיבערדיג [ווי האלץ]; אראבנעהמען די האר פון פעל.

grai'nage *n.* (גריי׳-נעדזש) קארן־געלד, שטייער אויף תבואות; א שטייער אמאל אין לאנדאן אויף אריינגעפיהרטע זאלץ; אזא מין געשווילעכץ אויף א פערד׳ס פוס.

grain'-ber'ries *n.* (גריינ׳-בער׳-איז) שארלאך־יאגדעס [א מין רויטע יאגדעס].

grain'-bin'der *n.* (גריינ׳-באינ׳-דער) א מאשין צו בינדען תבואה אין סנאפעס אויף׳ן פעלד.

grain'-brui'ser *n.* (גריינ׳-ברוה׳-זער) א מיהל צו צושטויסען תבואה־קערנער [אלס שפייז פאר בהמות].

grain'-car *n.* (גריינ׳-קאר) א תבואה־וואגאן.

grain'-door *n.* (גריינ׳-דאור) א טהיר אין א תבואה־וואגאן.

graine *n.* (גריין) די אייעלעך פון זייד־ווערים.

grained *a.* (גריינד) געפארבט אזוי, אז עס זאל אויסזעהן פאזערדיג, פעדימדיג אדער פיבערדיג [ווי האלץ]; צומאלען

אין קליינינקע קערנדלעך; פּאַזערדיג, פּיבערדיג, פּעדימדיג [ווי האָלץ]; שאַרסטקע, ניט גלאַט.

grai'ner *n.* (גריי׳-נער) איינער וואָס פאַרבט אַזוי, אַז עס זאָל אויסזעהן פּאַזערדיג, פיבערדיג אָדער פּעדימדיג [ווי האָלץ]; אַזאַ באַרשט וואָס ווערט געברויכט ביי דיזעזן מין פאַרבען; שטאָף געמאַכט פון טויבען-קויט [געברויכט ביים בעאַרבייטען לעדער]; אַ מעסער מיט וועלכען מען שאַבט אָב די האָר פון פעל.

grai'nery *n.* (גריי׳-נער-אי) אַ שפּייכער. ז. *granary*

grai'ning *n.* (גריי׳-נינג) דאָס פאַרבען אַזוי, עס זאָל אויסזעהן ווי האָלץ [פּיבערדיג אָדער פּאַזערדיג]; דאָס אויסזעהן ווי האָלץ; דאָס מאַכען לעדער נאַרביג [מיט קאַרבלעך, געקנייטשט, קערנדיג]; דאָס כאַפּען פיש מיט אַזאַ שפּיעז.

grain'-leath'er *n.* (גריינ׳-לעטה׳-ער) שיך-לעדער [געפאַרבט שוואַרץ].

grain'-mill *n.* (גריינ׳-מיל) אַ מיהל.

grain'-moth *n.* (גריינ׳-מאָטה) אַ מאָ-טען-פליגעלע, וועמעס לאַרוואַ שעדיגט די תבואות אין די שפּייכלערס.

grain of allow'ance (גריין אָוו ע-לאַו׳-ענס) אַ שטיקעל ענטשולדיגונג, אַ שטיקעל בערעכטיגונג.

grains *n.* (גריינז) אויסגעברייטעטע מאַלץ [ברייע]; פויגעל-קויט [צום בעאַרבייטען לעדער]; אַזאַ שפּיעז צו כאַפּען פיש; דער פלאַץ וואו צוויי וואַסער-שטראָמען בעגעגענען זיך.

grain'-scale *n.* (גריינ׳-סקייל) אַן אויטאָמאַטישע וואָג אויף עלעוואַטאָרען צו וועגען תבואה.

grain'-side *n.* (גריינ׳-סאַיד) די קער-ניגע [נענאַרבטע] זייט פון אַ פעל [די אויבערשטע זייט, וואו עס איז פריהער געווען האָר].

grain'-soap *n.* (גריינ׳-סאָופּ) האַרטע זייף.

grains of par'adise (גריינז אָוו פּער׳-ע-דאַיז) גן-עדן-קערנער [אַזאַ געווירץ וואָס וואַקסט אין די הייסע געגענדען פון אַפריקאַ].

grain'-tin *n.* (גריינ׳-טין) ריינער וויי-סער צין.

grain'-wee'vil *n.* (גריינ׳-הוויע׳-וויל) דער קאָרן-וואָרים.

grai'ny *a.* (גריי׳-ני) פול מיט קאָרן אָדער קערנער; קערענדיג, ניט גלאַט, שאַרסטקע.

gram. אַבקירצונג פון *grammar*

gram *n.* (גרעם) [אַ גרויסע גראַם] אַ גראַם פראַנצויזישע וואָג-איינהייט וואָס איז גלייך צו דער געוויכט פון אַ קוביק-סענ-טימעטער וואַסער; אַ טויזענד-חלק פון אַ קילאָגראַם].

gramin'eal *a.* (גרע-מינ׳-אי-על) גראָזיג, גראָז-אַרטיג.

gramin'eous *a.* (גרע-מינ׳-אי-אַס) ז. *gramineal*

graminifo'lious *a.* (גרעמ-אי-ני-פאָו׳-לי-אַס) מיט בלעטער וואָס זיינען ענה-ליך צו גראָז-בלעטלעך.

gramin'iform *a.* (גרע-מינ׳-אי-פאָרם) גראָז-פערמיג, וואָס איז ענהליך צו גראָז.

gram'inite *n.* (גרעמ׳-אי-נאַיט) גראַ-מיניט [אַ מין גרינער מינעראַל].

graminiv'orous *a.* (גרעמ-אי-ניוו׳-

אַ-ראַס) וואָס עסט גראָז [ווי אָקסען, פערד, ציעגען א. ד. ג.].

gram'mar *n.* (גרעמ׳-אַר) גראַמאַטיק; די וויסענשאַפט, וועלכע ערקלערט דעם געבוי פון אַ שפּראַך; די קונסט צו גע-ברויכען ריכטיג אַ שפּראַך אין שרייבען און רעדען; אַ זאַמלונג פון גראַמאַטי-שע כללים; דאָס שרייבען און רעדען לויט בעשטימטע כללים פון דער שפּראַך-בוי-אונג; אַ לעהר-בוך וועגען די גרונד-כללים פון וועלכער עס איז וויסענשאַפט.

gramma'rian *n.* (גרע-מיי׳-רי-ען) אַ שפּראַך-קענער, אַ גראַמאַטיקער.

gram'mar-school *n.* (גרעמ׳-ער-סקוהל) די העכערע קלאַסען פון אַן עלע-מענטאַרער שוהל [אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ].

grammat'ic *a.* (גרע-מעט׳-איק) גראַ-מאַטיקאַליש; וואָס איז נוגע צו גראַמאַ-טיק אָדער צום געבוי פון אַ שפּראַך.

grammat'ical *a.* (גרע-מעט׳-אי-קעל) ז. *grammatic*

grammat'ically *adv.* (גרע-מעט׳-אי-קעל-אי) גראַמאַטיקאַליש.

grammat'icalness *n.* (גרע-מעט׳-אי-קעל-נעס) דאָס זיין גראַמאַטיש.

grammat'icaster *n.* (גרע-מעט׳-אי-קעס-טער) אַ שטאַרקער בעל מדקדק, אַ פּעדאַנט, אַ מקפיד אויף יעדען אות.

grammat'icise *v.* (גרע-מעט׳-אי-סאַיז) ז. *grammaticize*

grammat'icism *n.* (גרע-מעט׳-אי-סיזם) אַ פונקט אָדער כלל פון גראַמאַטיק.

grammat'icize *v.* (גרע-מעט׳-אי-סאַיז) מאַכען גראַמאַטיקאַליש; אַרויסצייגען קענט-ניסע אין גראַמאַטיק.

grammatol'atry *n.* (גרעמ-ע-טאָל׳-ע-טרי) די פערגעטערונג פון ווערטער; דאָס בוקען זיך פאַר׳ן בוכשטאַב; דאָס לעגען די אויפמערקזאַמקייט אויף די ווערטער, ניט רעכענענדיג זיך מיט׳ן אינ-האַלט.

gramme *n.* (גרעם) ז. *gram*

gram'ophone *n.* (גרעמ׳-אָ-פאָון) אַ גראַמאָפאָן, אַן אינסטרומענט וועלכער רעפּראָדוצירט טענער און קלאַנגען.



Gramophone

gram'pus *n.* (גרעמ׳-פּאַס) דער בוטס-קאָפּ אָדער שווערד-וואַלפיש [אַ מין וואַל-פיש].

Grampus

granadil'la *n.* (גרענ-ע-דיל׳-אַ) גראַ-נאַדילאַ, די פרוכט פון אַ מין פלעכטענדע גרעזער אָדער קוסטעס מיט בלויע בלומען וואָס וואַקסען אין די הייסע לענדער.

gran'ary *n.* (גרענ׳-ע-רי) 1. אַ קאָרן-שפּייכלער; 2. אַ געגענד וואָס גיט אַ גרויס ברויט פאַר אַנדערע געגענדען אָדער לענ-דער.

2. The Mississippi valley is the granary of the United States.

grand *a.* (גרענד) גרויסאַרטיג, ערהאַבען, פּרעכטיג; גרויס, הערליך, נאָבעל; הויפּט, גרעסטער, וויכטיגסטער; ערשטער; פאָל-קאָם; וואָס איז כולל אַלע פּרטים.

gran'dam *n.* (גרענ׳-דעם) ז. *grandame*

gran'dame *n.* (גרענ׳-דיים) אַ באָבע, אַ גרויסמוטער, אַן אַלטע פרוי.

gynecrat'ic *a.* (דזשינ-אי-קרעט'-איק)
ז. *gynæcocratic*

gyneoc'racy *n.* (דזשינ-אי-אק'-רע-סי)
ז. *gynæcocracy*

gyneol'atry *n.* (דזשינ-אי-אל'-ע-טרי)
גינעאלאטריע, די פערגעטערונג פון פרויען.

gyner'hopy *n.* (דזשי-נער'-א-פי) דער
צושטאנד פון א מין פון חיות אדער פלאנ=
צען ווען אין דעם משך פון דורות ווערט
דאס ווייבליכע געשלעכט פון דיעזען מין
מעהר אונטערשיעדען פון די פארפאטערס
איידער דאס מענליכע געשלעכט.

gyp *n. and v.* (דזשיפ) א וועכטער אין
קעמברידזשער אוניווערזיטעט, אין ענג=
לאנד; א בעטריגער; א שווינדלער, א
שווינדלערישער פערד=הענדלער; שווינד=
לען, בעטריגען.

gyp'seous *a.* (דזשיפ'-סי-אס) וואס האט
די איינענשאפטען פון גיפס; וואס איז
עהנליך צו גיפס; וואס האט א גאנץ מא=
טען גרוי=ווייסען קאליר [וועגען פלאנ=
צען].

Gyp'sey *n. and a.* (דזשיפ'-סי)
ז. *Gipsy*

gypsif'erous *a.* (דזשיפ-סיפ'-ע-ראס)
וואס גיט ארויס גיפס.

gyp'sine *a. and n.* (דזשיפ'-סין) וואס
האט די אייגענשאפטען פון גיפס; וואס
איז עהנליך צו גיפס; אזא פייער=זיכערער
געמישטער שטאף פון ליים, זאמד און
אסבעסט פון וועלכען עס ווערען געמאכט
ציעגעל צום בויען הייזער; אזא פולווער
וואס ווערט געברויכט געגען אינזעקטען,
וועלכע שעדיגען פלאנצען.

gyp'sum *n.* (דזשיפ'-סאם) גיפס.

Gyp'sy *n.* (דזשיפ'-סי) ז. *Gipsy*

gy'ra *n.* (דזשאי'-רא) א רייף בעציער=
טער ברעג פון א קלייד [אין מיטעלאל=
טער ביי די גלחים].

gy'ral *a.* (דזשאי'-רעל) וואס דרעהט זיך
אין א קרייז; דרעהענד אין דער רונד;
וואס איז שייך צו די רונדונגען אדער
קנייטשען פון מארך.

gy'rant *a.* (דזשאי'-רענט) וואס דרעהט
זיך אין דער רונד.

gy'rate *v. and a.* (דזשאי'-רייט) זיך
דרעהען אין דער רונד; וואס דרעהט זיך
אין דער רונד; אויסגעדרעהט, אויסגע=
קרימט [וועגען פלאנצען].

gyra'tion *n.* (דזשאי-ריי'-שאן) דאס
דרעהען זיך אין דער רונד; א רונד=בע=
וועגונג, א קרייז=בעוועגונג.

gyra'tional *a.* (דזשאי-ריי'-שאנ-על)
וואס האט א קרייז=בעוועגונג; וואס דרעהט
זיך אין דער רונד.

gyre *n.* (דזשאיר) א קרייז=בעוועגונג; א
קרייז, א רינג, א רונדונג; א מארך=רונ=
דונג, א מארך=קנייטש.

gyr'falcon *n.* (דזשויר'-פאהקן)
ז. *gerfalcon*

gy'ri *n.* (דזשאי'-ראי) די רונדונגען אדער
קנייטשען פון מארך. ז. *gyrus*

gy'rograph *n.* (דזשאי'-רא-גרעף) א גי=
ראגראף [אן אינסטרומענט צו פערצייכע=
נען די אומדרעהונגען פון רעדער אין א
מעכאניזם].

gyr'omancy *n.* (דזשיר'-א-מענ-סי)
נביאות=זאגעריי דורך דרעהען זיך אין א
קרייז [דער נביאות=זאגער דרעהט זיך
אזוי לאנג ביז עס פערשווינדעלט איהם
דער קאפ און ער פאלט און פון דעם אופן
פון פאל ווערט עס בעשטימט די נביאות].

gy'ron *n.* (דזשאי'-ראן) א הערב מיט
דריי=עקעדיגע צייכנונגען וועמעס שפיצען
עס טרעפען זיך צונויף אין צענטער.

gy'roplane *n.* (דזשאי'-רא-פליין) אזא
פליה=מאשין.

gy'roscope *n.* (דזשאי'-רא-סקאופ) א
גיראסקאפ [אן אינ=
סטרומענט צום אי=
לוסטרירען די פי=
זיקאלישע געזעצען
פון רונד=דרעהענדע
בעוועגונגען].

Gyroscope

gy'roscope train (דזשאי'-רא סקאופ
טריין) אן אייזענ=
באהן אויף איין רעלסע [שינע].

gyroscop'ic *a.* (דזשאי-רא-סקאפ'-איק)
וואס איז שייך צו א גיראסקאפ; וואס
אילוסטרירט די פיזיקאלישע געזעצען פון
רונד=דרעהענדע בעוועגונגען.
ז. *gyroscope*

gy'rose *a.* (דזשאי'-ראוס) אויסגעבויגען
אדער אויסגעדרעהט הין און הער [וועגען
פלאנצען].

gy'rostat *n.* (דזשאי'-רא-סטעט) א גי=
ראסטאט [אן אינסטרומענט אין דער
פארם פון א דרעדעל אדער א גאר צום
אילוסטרירען די געזעצען פון רונד=דרע=
הענדע בעוועגונגען].

gyrostat'ic *a.* (דזשאי-רא-סטעט'-איק)
וואס איז שייך צו א גיראסטאט; וואס איז
שייך צו דעם פיזיקאלישען פרינציפ, אז
א זיך דרעהענדער קערפער האט די שטרע=
בונג צו פערבלייבען אין דער פלעכע,
וואו ער דרעהט זיך.

gy'rus *n.* (דזשאי'-ראס) א רונדונג אדער
קנייטש פון מארך.

gyve *v.* (דזשאיוו) שמיעדען אין קייטען.

gyves *n.* (דזשאיווז) קייטען [פאר די
פיס].

H

H, h (אייטש) דער אכטער בוכשטאב פון
דער *a-b-c*

ha *int., n. and v.* (הא) הא! אך!
הא? הם; אן אויסדרוק פון וואונדער
אדער ערשטוינונג; א פראגע=אויסדרוק;
א פארם פון אבהאלט אדער פאנאנדערצי=
הונג אין ריידען; ארויסברייגען דעם
קלאנג "הא".

haak *n.* (הייק) א ים=העכט. ז. *hake*

hab. corp. אן אבקירצונג פון די ווער=
טער *habeas corpus*

ha'beas cor'pus (היי'-בי-עס קאהר'-
פאס) א האבעאס קארפוס; א געריכטלי=
כער בעפעהל צו ערשיינען אין געריכט;
א געריכטליכער בעפעהל צו ברייגען פאר'ן
געריכט אן ארעסטירטען, אום צו אונטער=
זוכען, אויב די פערהאפטונג איז א גע=
זעצליכע [אום ניט צו דערלאזען די בע=
רויבונג פון פערזענליכער פרייהייט אהן
א באלדיגער געריכטליכער אונטערזוכונג].

hab'erdasher *n.* (העב'-ער-דעש-ער)
א קליין=הענדלער; א קורץ=וואארען=הענד=
לער; א גאלאנטעריי=הענדלער.

hab'erdashery *n.* (העב'-ער-דעש-ער-

אי) קורץ־וואארעז, גאלאנטעריי; א קורץ־וואארעז־קראם, א גאלאנטעריי־קראם.

hab'erdine *n.* (העב'-ער-דין) שטאקפיש; געטריקענטער שטאקפיש.

hab'ile *a.* (העב'-איל) פעהיג, גענים, געשיקט.

habil'iment *n.* (העביל' אי מענט) קליידונג, אויסשטאטונג.

habil'imented *a.* (הע-ביל'-אי-מענ-טער) אויסגעקליידט, אויסגעשטאטעט.

habil'itate *v.* (הע-ביל'-אי-טייט) בעקומען א בערעכטיגונג [ווי למשל, פאר אן אמט]; בעקומען דאס רעכט צו לייענען לעקציעס אין די דייטשע אוניווערזיטעטען; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — געבען די מעגליכקייט [דורך אן הלואה] צו בעארבייטען מינעראל־גרובען.

habilita'tion *n.* (הע-ביל-אי-טיי'-שאן) אין די וועסט־געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דאס געבען די מעגליכקייט [דורך אן הלואה] צו בעארבייטען מינעראל־גרובען.

habil'itator *n.* (הע ביל' אי טיי טאר) אין די וועסט־טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — איינער וואס ערמעגליכט דורך א הלואה צו בעארבייטען מינעראל־גרובען.

hab'it *n. and v.* (העב'-איט) דער געוועהנליכער, כאראקטעריסטישער צושטאנד, אויסזעהן, ענטוויקלונג א. ז. וו.; אין זאאלאגיע און באטאניק — דאס אלגעמיינע אויסערליכע אויסזעהן און וואוקס; א געברויך; א געוועהנהייט; א מנהג; קליידונג; אנצוג; א פרויען רייט־קלייד; אנקליידונג.

habitabil'ity *n.* (העב-אי-טע-ביל'-אי-טי) ז. ***habitableness***

hab'itable *a.* (העב'-אי-טעבל) בעוואהנבאר, וואס מען וואהנט אדער מען לעבט דארט.

hab'itableness *n.* (העב'-אי-טעבל-נעס) בעוואהנבארקייט.

hab'itably *adv.* (העב'-אי-טע-בלי) בעוואהנבאר.

hab'itancy *n.* (העב'-אי-טענ-סי) א וואהן־ארט; בעפעלקערונג; בעוואהנונג.

hab'itant *n.* (העב'-אי-טענט) אן איינוואהנער; א פראנצויזיש־קאנאדישער ערד־ארבייטער.

hab'itat *n.* (העב'-אי-טעט) אין נאטור־געשיכטע — די געגענד, וואו א געוויסער מין חיות אדער פלאנצען געפינען זיך; א וואהנונג, א וואהן־פלאץ.

habita'tion *n.* (העב-אי-טיי'-שאן) בעוואהנונג; א וואהנונג, א וואהן־ארט.

hab'it-cloth *n.* (העב'-איט-קלאטה) אזא לייכטער צייג [ווערט מעהרסטענס געברויכט פאר פרויען־רייט־קליידער].

hab'it-gloves *n.* (העב'-איט-גלאווז) פרויען־רייט־הענטשקעס.

hab'it-ma'ker *n.* (העב'-איט-מיי'-קער) א דאמען־שניידער [הויפטזעכליך אזעלכער וואס נעהט פרויען־רייט־מאנטלען].

hab'it-shirt *n.* (העב'-איט-שוירט) א שעמיזעטקע, א פרויען־מאנישקע.

habit'ual *a.* (הע-ביטש'-יו-על) איינגעוועהנט, געוועהנליך, וואס קומט פון א געוועהנהייט; וואס עקזיסטירט אלס מנהג אדער געוועהנהייט; אונפערענדערליך, בעשטענדיג.

habit'ual crim'inal (הע-ביטש'-יו-על קרימ'-אי-נעל) איינער וואס איז א פערברעכער בטבע; אין יוריספרודענץ — איינער וואס איז עטליכע מאל שוין ארעסטירט געווארען פאר פערשיעדענע פערברעכענס [אזעלכען קען מען ארעסטירען ניט פאר א בעשטימטען פערברעכען, נאר פשוט צוליעב זיין פערגאנגענהייט און שלעכטער אויפפיהרונג].

habit'ually *adv.* (הע-ביטש'-יו-על-אי) אוים געוועהנהייט, אלס געוועהנהייט.

habit'ualness *n.* (הע ביטש'-יו-על-נעס) געוועהנהייט, עטוואס וואס קומט פון געוועהנהייט.

habit'uate *v.* (הע ביטש'-יו-אייט) צוגעוועהנען, איינגעוועהנען.

habitua'tion *n.* (הע-ביטש-יו-איי'-שאן) צוגעוועהנונג, איינגעוועהנונג.

hab'itude *n.* (העב'-אי-טיוד) געוועהנהייט; געוועהנטקייט; פערהעלטנים.

habitué' *n.* (הע-ביטש-יו-איי') אן אפטער בעזוכער; איינער וואס געפינט זיך בעשטענדיג אין א געוויסען פלאץ.

He is an **habitue** of this restaurant.

hab'itus *n.* (העב'-אי-טאס) אין מעדיצין — א כאראקטעריסטישער צושטאנד, א נאטירליכע נייגונג אדער אנלאגע; אין נאטור־געשיכטע — דאס אלגעמיינע אויסערליכע אויסזעהן פון א חיה אדער פלאנצע.

hab'nab *adv.* (העב'-נעב) אויף מזל, ווי עס וועט זיך מאכען, אזוי צי אזוי.

habroma'nia *n.* (העב-רא-מיי'-ני-א) האבראמאניא, פרעהליכע משוגעת [א משוגעת, ביי וועלכער דער קראנקער האט פרעהליכע, לוסטיגע אילוזיעס].

hab'roneme *a.* (העב'-רא-נים) אין מינעראלאגיע — עהנליך צו דינע פעדימלעך.

hacien'da *n.* (עס-אי-ענ'-דא) א גוט, א לאנד־גוט; א דארפס־פאבריק; אן איינזאם לאנד־הויז.

hack *v., n. and a.* (העק) ארומהאקען; אבשפאלטען; אבפרירען; שווער ארבייטען; שטרעבען צו עפעס; הוסטען [קורץ און אפט]; אויסלעגען רייהען ציגעל צום טריקענען; פאהרען אויף דעם געוועהנליכען וועג [ניט אויף זייטיגע וועגען]; פאהרען אין א געדונגענעם וואגען: פערדינגען; בריקען, שעדיגען דורך בריקען מיט די פיס [ווי ביים שפיעלען פוס־באל]; א קארב, א שפאלט, א שניט; אן איינשניט אדער א רייה איינשניטע אויף בוימער, אום צו צייגען די ריכטונג אין וואלד; אין פוס־באל־שפיעל — א בריק מיט'ן פוס אדער א וואונד געמאכט פון א בריק; א שטומפיגע האק; אן אינסטרומענט איינצושניידען די קארע פון בוימער [אום ארויסצוציהען פון זיי די זאפט]; א גראטען־ראהם; א גראטענדיגע טהיר; א פאררייכטונג צו טריקענען פיש; א פלאץ צו טריקענען ציגעל; א רייה ציגעל אויסגעלעגט צום טריקענען; א פערד צום פערדינגען; אן ארבייטס־פערד; א וואגען צום פערדינגען; איינער וואס ארבייט שווער אדער איז בעשעפטיגט ביי א פראסטער ערמיעדענדער ארבייט; א שרייב־קנעכט [א שרייבער וואס שרייבט דאס וואס מען הייסט איהם]; א פראסטיטוטקע; געדונגען; אבגעטראגען, אבגענוצט.

hack'-bar'row *n.* (העק'-בער'-או) א וועגעל צו פיהרען נור־וואס געמאכטע פייכטע ציעגעל צום טריקען־פלאץ.

hack'berry *n.* (העק'-בער-אי) א פויגעל־קארש אדער א טרויבען־קארש [אזא זארט קארשען]; אזא אמעריקאנישער בוים פון ווייסען ביליגען האלץ, אויף וועלכען …ס וואקסט א פרוכט וואס איז עהנליך צו־ …רויבען־קארשען.

Hackberry

hack'but *n.* (העק'-באט) … מין פאר־ …יטיגע האנד־ביקס.

hackee' *n.* (העק'-אי) … מין אמעריקא־ …נר וועווערקע. ז. ***ground-squirrel***

hack'er *n.* (העק'-ער) … אינסטרומענט … מאכען איינשניטע אין בוימער [אום …ן זיי ארויסצולאזען דעם זאפט].

hack'ery *n.* (העק' ער אי) … אסט־ …נדישער פרימיטיווער צוויי־רעדערדיגער …אגען אין וועלכען עס ווערען געשפאנט …סען צו פיהרען האלץ.

hack'ing *n. and a.* (העק'-אינג) …ין …יעריי — דאס לעגען צוויי רייהען קליי־ … שטיינער אנשטאט איין רייה גרויסע; …אס ארומהאקען די פלעכע פון א שטיין …יט א דלאט־האמער; דאס צונויפלעגען …יגעל צום טריקענען; דאס מאכען מא־ …אזש מיט די הענד; קורץ און אונטער־ …ראכען [ווי א הוסט], שטאמלענדיג, זא־ …יקענדיג.

hack'ing-knife *n.* (…העק'-אינג-נאיף) … האק־מעסער, א האק־אייזען.

hack'le *v. and n.* (העקל) …אקען; אומ־ …לומפערט האקען; קאמען פלאקס; פא־ …נדערקאמען; א פלאקס־קאם; א פלאק־ …נער שטאף וואס איז ניט געשפונען [ווי …יהע זייד]; א קינסטליכע פליג צום כא־ …ען פיש; א לאנגע פעדער פון א האהן'ס …אלז אדער רוקען [פון וועלכען פיש־פאנ־ …ר מאכען קינסטליכע פליגען].

hack'le-bar *n.* (העקל'-באר) … צאהן …ין א פלאקס־קאם.

hack'le-feath'er *n.* (…העקל'-פעטה'-ער) … לאנגע פעדער פון האלז אדער רוקען …ין א האהן.

hack'le-fly *n.* (העקל'-פלאי) … קינסט־ …כע פליג צום כאפען פיש.

hack'ler *n.* (העק'-לער) … פלאקס־ …ערשטער אדער פלאקס־קעמער.

hack'ling *n.* (העק'-לינג) …אס ריין און …אט מאכען פלאקס צום שפינען; מאטע־ …יאל צו מאכען קינסטליכע פליגען צום …אפען פיש.

hack'ling-machine' *n.* (…העק'-לינג- …ע-שין') א מאשין צום רייניגען פלאקס.

hack'ly *a.* (העק'-לי) …ייה, גראב; וואס …אט דינע, קורצע און שארפע שפיצען …וועגען מינעראלען].

hack'man *n.* (העק'-מען) … אנטרייבער …ין א פאסאזשיר דראזשקע אדער קארעטע.

hack'matack *n.* (העק'-מע-טעק) …ער …מעריקאנער לערכען־בוים. ז. ***larch***

hack'metack *n.* (…העק'-מע-טעק) ז. ***hackmatack***

hack'ney *n., a. and v.* (העקְ'-ני) א רייט־פערד; א פערד צום פערדינגען; א קארעטע צום פערדינגען; א מענש וואס פערדינגט זיך; א פראסטיטוטקע; וואס ווערט פערדונגען; וואס פאסט זיך פאר'ן אלגעמיינעם געברויך; איינפאך, פראסט; אבטראגען, אבגענוצט.

hack'ney-boat *n.* (העקְ'-ני-באוט) א שיפעל צו פיהרען פאסאזשירען.

hack'ney-coach *n.* (העקְ'-ני-קאוטש) א קארעטע צום פערדינגען.

hack'ney-coach'man *n.* (העקְ'-ני-קאוטש'-מען) א קוטשער פון א גֶדונגע־נער קארעטע.

hack'neyed *a.* (העקְ'-ניד) אבגעטראגען, אבגעניצט, פיעל געברויכט.

Talk about the tariff revision has become a hackneyed subject.

hack'neyman *n.* (העקְ'-ני-מען) איינער וואס פערדינגט פערד און קארעטען.

hack'-saw *n.* (העקְ'-סאָה) א זעג מיט געדיכטע צייהנער [צו זעגען מעטאל].

Hack-saw

hac'queton *n.* (העקְ'-ע-טאן) אזא אויס־געשטאפט לייבעל וואס מען האט אמאל גע־טראגען אונטער דעם פאנצער.

had (העד) געהאט. *have* .ז

had'dock *n.* (העד'-אק) דער שעלפיש [איינער פון די וויכטיגסטע פיש וועל־כע ווערען געברויכט צום עסען].

Haddock

had'docker *n.* (העד'-אק-ער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט פאנגען שעל־פיש; א שיף וואס איז פערנומען מיט פאנגען שעלפיש.

hade *n. and v.* (הייד) די קרומע נייַ־גונג פון אן ערץ־אדער אין א מינע; אב־בויגען פון דער ווערטיקאלער [גראדער] שטעלונג.

Ha'des *n.* (היי'-דיז) אין דער גריכי־שער מיטאלאגיע — דער גאט פון דער אונטערוועלט; די אונטערוועלט, שאול, דער גיהנום התחתון.

ha'ding *n.* (היי'-דינג) די קרומע נייגונג פון אן ערץ־אדער אין א מינע.

had I wist (העד אי וויסט) ווען איך וואלט געוואוסט! א פערזאמטע געלעגענ־הייט; א פערשפעטיגטע חרטה.

Had I wist comes ever too late.

hadj *n.* (העדזש) דאס עולה לרגל זיין אין מעקא אין לעצטען חודש פון יאהר וואס יעדער רעליגיעזער מאכמעדאנער איז מחויב ווענינגסטענס איין מאל אין זיין לע־בען.

hæ'mal *a.* (היע'-מעל) *hemal* .ז

hæm'atite *n.* (העמ'-ע-טאיט) *hematite* .ז

Ha'fiz *n.* (הא'-פיז) א טיטעל ביי די מאכמעדאנער פאר אזעלכע, וואס קען דעם גאנצען קאראן אויף אויסווענינג.

haft *n. and v.* (העפט) א הענטעל; א שטיל; צוזעצען א הענטעל; ארייַנשטעלען א שטיל; ארייַנשטעכען [א מעסער, א שווערד א. ז. וו.] ביז'ן הענטעל.

haf'ter *n.* (העפ'-טער) אן ארבייטער וואס מאכט די הענטלעך צו מעסערס אין א מעסער־פאבריק.

א שלעכטע פרוי, (העג) *n. and v.* **hag** א מכשפה; א מיאוסקייט [פון א פרוי]; דער בלינד־פיש [אזא פיש וואס איז ענג־ליך צו א ווייַנע אדער אן אאל]; א שניט, א קארב, א האק; אן ארומגעצאמט שטיק לאנד וואס איז בעוואקסען מיט בוימער; א ביסעל אבגעהאקטע צווייגען; קוועלען, פייניגען, מוטשען; האקען, צוהאקען.

haga'dah *n.* (הע-גא'-דא) *haggadah* .ז

hagad'ic *a.* (הע-געד'-איק) *haggadic* .ז

haga'dist *n.* (הע-גא'-דיסט) *haggadist* .ז

hagadis'tic *a.* (העג ע דיס' טיק) *haggadistic* .ז

hag'del *n.* (העג'-דעל) *hagden* .ז

hag'den *n.* (העג'-דען) א מין וואסער־שערער אדער פופין [אזא ים־פויגעל]. *shearwater* .ז

hag'don *n.* (העג'-דאן) *hagden* .ז

hagga'dah *n.* (הע-גא'-דא) אגדה, דער טייל פון תלמוד וואס ענטהאלט לעגענדען, ערצעהלונגען, משלים, מאראל־שפריכע, פירושים אויף פסוקים א. ד. ג.

haggad'ic *a.* (הע-געד'-איק) וואס איז שייך צו אגדה, וואס איז לויט דער אגדה [אין געגענזאץ צו הלכה]. *haggadah* .ז

haggad'ical *a.* (הע-געד'-אי-קעל) *haggadic* .ז

hagga'dist *n.* (הע-גא'-דיסט) א בעל אגדה; איינער פון די וואס האבען צו־נויפגעשטעלט די אגדות התלמוד.

haggadis'tic *a.* (הע-גע-דיס'-טיק) וואס איז שייך צו א בעל אגדה אדער צו דער אויסטייטשונג פון פסוקים על פי אגדה.

hagga'doth *n.* (הע-גא'-דאטה) אגדות התלמוד.

hag'gard *a. and n.* (העג'-ערד) וואס קוקט אויס שלעכט אדער אבגעמאגערט; וואס קוקט אויס שרעקליך; ווילד; אויס־געמאגערט; אבגעצעהרט; א דערוואקסע־נער געפאנגענער פאלק; א פאלק [א סאָ־קאל, אזא רויב־פויגעל].

hag'gardly *adv.* (העג'-ארד-לי) מיט א ווילדען אויסזעהן; אויסגעמאגערט, אב־געצעהרט.

hag'gardness *n.* (העג'-ארד-נעס) אויס־געמאגערטקייט, אויסגעדארטקייט.

hag'gish *a.* (העג'-איש) העסליך, אבשוי־ליך, ווי א מכשפה; אלט און מיאוס.

hag'gishly *adv.* (העג'-איש-לי) אויף א העסליכען, אבשייליכען אופן.

hag'gle *v. and n.* (העגל) זיך דינגען; זיך דינגען ווענען קלייניגקייטען; קריטי־קירען, שפאטען; אומגעלומפערט צוהאקען; דאס דינגען זיך, א דינגעניש.

hag'gler *n.* (העג'-לער) איינער וואס דינגט זיך; איינער וואס מאכט שוועריג־קייטען.

ha'giarchy *n.* (היי'-דזשי-אר-קי) די פריסטער־הערשאפט [א רעגיערונג, וואו די העכסטע מאכט ליעגט אין די הענד פון די גייסטליכע].

hagioc'racy *n.* (היי-דזשי-אק'-רע-סי) *hagiarchy* .ז

ha'giograph *n.* (היי'-דזשי-א-גרעף) א הייליגע שריפט.

Hagiog'rapha *n.* (היי-דזשי-אג'-רע-פא) כתובים [דער טייל פון תנ"ך וואס ענטהאלט תהלים, משלי, איוב, שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר, דניאל, עזרא, נחמיה און דברי הימים].

hagiog'raphal *a.* (היי-דזשי-אג'-רע-פעל) וואס געהערט צו כתובים [פון תנ"ך].

hagiog'rapher *n.* (היי-דזשי-אג'-רע-פער) איינער פון די כתובים־שרייבער; א שרייבער פון הייליגע שריפטען; א שרייבער וועגען דעם לעבען פון הייליגע.

hagiograph'ic *a.* (היי-דזשי-א-גרעפ'-איק) וואס געהערט צו די כתובים [פון תנ"ך] אדער צו הייליגע שריפטען.

hagiog'raphy *n.* (היי-דזשי-אג'-רע-פי) הייליגע שריפטען; שריפטען וועגען הייליגע.

hagiol'atry *n.* (היי-דזשי-אל'-ע-טרי) די פערגעטערונג פון הייליגע.

hagiolog'ic *a.* (היי-דזשי-א-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער ליטעראטור אדער צו די לעבענס־בעשרייבונגען פון הייליגע.

hagiolog'ical *a.* (היי-דזשי-א-לאדזש'-אי-קעל) *hagiologic* .ז

hagiol'ogist *n.* (היי-דזשי-אל'-א-דזשיסט) איינער וואס שרייבט לעבענס־בעשרייבונגען פון הייליגע.

hagiol'ogy *n.* (היי-דזשי-אל'-א-דזשי) דער טייל פון דער ליטעראטור וואס פער־נעהמט זיך מיט דער לעבענס־בעשרייבונג פון הייליגע אדער פון פאלקס־העלדען; די געשיכטע אדער בעשרייבונג פון הייליגע שריפטען.

hah *int.* (הא) הא! אך! *ha* .ז

ha'-ha *int.* (הא'-הא) כא־כא! [א נאכ־אהמונג פון געלעכטער].

ha-ha' *n.* (הא-הא') א נידריגער פארקאן, צאם אדער גראבען, וועלכע מען בעמערקט ניט ביז מען קומט צו נאהענט.

Hai'duk *n.* (האי'-דוק) א היידוק, איינער פון די היידוקען [אין אונגארן — פרייע קאמאנדען, וועלכע פלעגען אין 17טען יאהרהונדערט פיהרען פארטיזאנישע מלחמות מיט די טערקען; אין רוסלאנד און אין דייטשלאנד — לאקייען ביי די רייכע פריצים; ביי די סלאווען פון דרום־אייראפא — מענשען, וועלכע פלעגען אוועקגעהען אין די בערג און פון דאר־טען מאכען אנפאלען אויף די טערקען].

haik *n.* (האיק) אן אויבער־מאנטעל, וועלכען מען טראגט אין די מזרח־לענדער [בעשטעהט פון א ברייטער וואלענער טוך מיט קאלירטע שטרייפען אדער פאסען].

hail *n., a., v. and int.* (הייל) א האגעל; האגלען; שיטען ווי מיט א האגעל; גע־זונד, שטארק, מונטער; א גרוס, בעגריר־סונג; א צורוף; דאס אברופען; דאס אב־פרעגען; גריסען, בעגריסען; אברופען; אויסשרייען כדי צו ציהען די אויפמערק־זאמקייט; עס לעבע! עס זאל לעבען! עס זאל געזונד זיין!

hail'-cloud *n.* (הייל'-קלאוד) א האַ־געל־וואלקען [א וואלקען, פון וועלכען עס פאלט א האגעל].

hail'-fel'low *n.* (הייל'-פעל'-או) א בוזעם־פריינד, זעהר א נאהענטער חבר.

hail from (הייל פראם) ; ...זענען פון... קומען פון...

The steamer hailed from Boston and its crew from New York.

hail'ing-port *n.* (הייל'-אינג-פאורט) דער היים־פארט פון א שיף, דער פארט צו וועלכען די שיף בעלאנגט און וועמעס נאמען דארף זיין אנגעשריבען אויף דעם פאדערשטען שפיץ פון שיף [לויט די גע־זעצען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

hail'stone *n.* (הייל׳-סטאון) א שטיקעל האגעל.

hail to you! (הייל טו יו) זייט גע־גריסט!

hai'ly *a.* (היי׳-לי) האגעלדיג; פון האגעל.

hair *n., a. and v.* (העהר) א האר, די האר; וואל; די פעדים פון פלאנצען; טוך אדער צייג געוועבט פון האר; די האר־פרוזשינע פון א ביקס; איינער פון די פאליפען, וועלכע וואקסען אויף די מוש־לען פון אויסטערס; האריג; געמאכט פון האר; לאזען וואקסען די האר.

hair'bell *n.* (העהר׳-בעל) ז. *harebell*

hair'breadth *n. and a.* (העהר׳-ברעדטה) די ברייט פון א האר; ווי די ברייט פון א האר, זעהר דין און שמאל.

hair'-brush *n.* (העהר׳-בראש) א האר־בערשטעל.

hair'-clip'per *n.* (העהר׳-קליפ׳-ער) א מאשינקע צו שערען די האר.



Hair-clipper

hair'cloth *n.* (העהר׳-קלאטה) האר־טוך [גראבער צייג אדער שטאף געמאכט פון פערד־האר אדער קעמעל־האר].

hair'-dress'er *n.* (העהר׳-דרעס׳-ער) א פריזירער, א פאריקמאכער.

hair'-dress'ing *n.* (העהר׳-דרעס׳-אינג) דאס פערקעמען אדער פערפוצען די האר; דאס פריזירען; פריזור.

hair'-dye *n.* (העהר׳-דאי) האר־פארב.

haired *a.* (העהרד) האריג; מיט האר פון א געוויסען קאליר.

hair'-grass *n.* (העהר׳-גרעס) איינע פון די מינים גראזען, אויף וועלכע עס וואק־סען קליינע בלימעלעך אויף זעהר דינע שטענגעלעך.

hair'iness *n.* (העהר׳-אי-נעס) האריג־קייט; דאס זיין בעדעקט מיט האר.

hair'-lace *n.* (העהר׳-לייס) א באנד אדער סטענגעל צו פערבינדען די האר.

hair'less *a.* (העהר׳-לעס) אהן האר, פליכעוואטע.

hair'-line *n.* (העהר׳-לאין) זעהר א דינע ליניע אין שרייבען אדער דרוקען.

hair line (העהר לאין) דער פאדים פון האר; א ווענטקע, וועלכע איז געמאכט פון די האר פון א פערדישען עק.

hair'-net *n.* (העהר׳-נעט) א האר־נעץ וואס די פרויען טראגען צו האלטען אין ארדנונג די האר־פריזור.

hair'-oil *n.* (העהר׳-איל) האר־אויל, פאמאדע.

hair'-pick'er *n.* (העהר׳-פיק׳-ער) א מאשין צו רייניגען די האר פון וועלכע מען מאכט ווייכע מעבעל.

hair'-pin *n.* (העהר׳-פין) א האר־נאדעל [ווי די וואס פרויען בענוצען].

hair'-pow'der *n.* (העהר׳-פאו׳-דער) א ווייסער פודער, מיט וועלכען מען פלעגט אמאל בעשיטען די האר.

hair'-restor'er *n.* (העהר׳-רי-סטאר׳-ער) א מיטעל געגען דעם ארויספאלען פון האר.

hair'-salt *n.* (העהר׳-סאהלט) א מין בי־טערזאלץ. ז. *Epsom salt*

hair's'-breadth *n.* (העהרז׳-ברעדטה) ז. *hairbreadth*

hair'-sieve *n.* (העהר׳-סיעוו) א זיפ גע־מאכט פון האר.

hair'-space *n.* (העהר׳-ספייס) איינע פון די דינסטע שפאצען [א דין בלעכעל וואס ווערט געלעגט צווישען די שורות כדי זיי שיטערער צו מאכען] ביי די דרו־קער; זעהר א דינער שפאלט.

hair'-split'ter *n.* (העהר׳-ספליט׳-ער) א האר־שפאלטער, א גריבלער, איינער וואס איז זיך מדקדק כחוט השערה, א מפלפל.

hair'-split'ting *n. and a.* (העהר׳-ספליט׳-אינג) די האר־שפאלטונג, דאס גריבלען זיך, דאס מדקדק זיין כחוט השערה; וואס איז זיך מדקדק אויף יע־דער קלייניגקייט.

hair'-spring *n.* (העהר׳-ספרינג) די האר־פרוזשינע [א גאנץ דינע פרוזשינע אין א טאשען־זייגער].

hair'-star *n.* (העהר׳-סטאר) דער האר־שטערען [איינע פון די שטערען־פערמיגע ים־חיה׳לעך, וועלכע זיינען בעדעקט מיט האריגע שטאכלען].

hair'-stroke *n.* (העהר׳-סטראוק) א האר־שטריך [זעהר א דינער שטריך אין שריי־בען].

hair'tail *n.* (העהר׳-טייל) דער דעגען־פיש [א פיש מיט זעהר א דינעם שפיצי־גען עק און זילבער־ווייסען בויך און רו־קען. געפינט זיך אין די ימים פון די הייסע לענדער].

hair'-trig'ger *n.* (העהר׳-טריג׳-ער) דער שטעכער אדער דאס ציינגעל פון האהן פון א ביקס.

hair'-weed *n.* (העהר׳-הוויעד) אזא דין וואסער־גראז.

hair'-work *n.* (העהר׳-הוואירק) האר־ארבייט, עטוואס געמאכט פון האר [הויפט־זעכליך פון מענשליכע האר].

hair'worm *n.* (העהר׳-הוואירם) א האר־ווארים [זעהר א דינער ווארים, וואס איז עהנליך צו א האר פון א פערדישען עק].

hair'y *a.* (העהר׳-אי) בעוואקסען מיט האר; וואס בעשטעהט פון האר; וואס איז עהנליך צו האר; האריג.

hair'y wood'-rush (העהר׳-אי הוואוד׳-ראש) א מין גראז אדער קאמיש. ז. איל. *"Grasses and their Allies"*

Hai'tian *a. and n.* (האי׳-טי-ען) וואס איז שייך צו דעם אינזעל האיטי אדער צו דער האיטישער רעפובליק; א האאי־טיאנער, א געבארענער אין האיטי.

hake *n. and v.* (הייק) דער ים־העכט [א מין פיש וואס געפינט זיך ביי די אוי־ראפעאישע און נארד־אמעריקאנישע ברעג־גען פון אטלאנטישען אקעאן]; כאפען ים־העכט; א פלאץ, וואו מען טריקענט ציגעל אין א ציגעלגע.

Hake

hakeem' *n.* (הא-קיעם׳) ז. *hakim*

hakem' *n.* (הא-קים׳) ז. *hakim*

hakim' *n.* (הא-קים׳) א חכים אדער חכם, א געלעהרטער, א דאקטאר; א גו־בערנאטאר [אין די מזרח־לענדער].

halach'ah *n.* (הע-לעק׳-א) הלכה, א דין, א תלמודיש געזעץ [א געזעץ אין תלמוד בנוגע צו א זאך אדער פאל, וועגען וועלכע עס ווערט ניט דערמאהנט דירעקט אין תורת משה]; דער טייל פון תלמוד וואס פערנעהמט זיך מיט דינים אדער געזעצגע־בונגג.

halach'ic *a.* (הע-לעק׳-איק) וואס איז שייך צו הלכה אדער תלמודישער געזעצ־געבונג.

halach'oth *n.* (הע-לעק׳-אטה) הלכות, תלמודישע דינים און געזעצען.

halak'ah *n.* (הע-לעק׳-א) ז. *halachah*

halak'ic *a.* (הע-לעק׳-איק) ז. *halachic*

halak'oth *n.* (הע-לעק׳-אטה) ז. *halachoth*

hal'bard *n.* (העל׳-בארד) ז. *halberd*

hal'berd *n.* (העל׳-בוירד) אן אלעבארדע [א מין וואפע פון מי־טעלאלטער, וועלכע איז בעשטאנען פון א שפיעז מיט א האלב־רונדער האק].

Halberd

halberdier' *n.* (העל-בויר-דיר׳) א סאלדאט בעוואפענט מיט אן אלע־בארדע. ז. *halberd*

hal'cyon *n. and a.* (העל׳-סי-אן) דער אל־קיאן אדער אייז־פויגעל [דער פויגעל, וועגען וועלכען די פאלקס־לע־גענדען דערצעהלען, אז ער ווערט געבארען אויף׳ן ים אין די שטילע ווינ־טער־טעג אין דער צייט פון תקופת טבת, און דיעזער פויגעל האט כח איינצושטי־לען א שטורם־ווינד]; וואס איז שייך צום אייז־פויגעל; וואס איז שייך צו די אל־קיאנישע טעג [ז. *halcyon days*]; שטיל, רוהיג, פריעדליך.

hal'cyon days (העל׳-סי-אן דייז) די אלקיאנישע טעג [די שטילע, רוהיגע ווינטער־טעג פון תקופת טבת].

hale *a. and v.* (הייל) מונטער, געזונד, פריש; שלעפען.

hale and hear'ty (הייל ענד הער׳-טי) פריש און מונטער.

At seventy he is hale and hearty.

half *a., adv. and n.* (האף) האלב; א העלפט; אויף העלפט; א שול־סעזאן [אין ענגלאנד].

half'-and-half' *n.* (האפ׳-ענד-האף׳) א געטראנק וואס איז געמישט פון צוויי געטרענקע, בעזאנדערס פון פארטער און אלע; געמישטע הייראט צווישען נעגערס און ווייסע.

half'-and-half'man *n.* (האפ׳-ענד-האפ׳-מען) א כאראקטערלאזער מענש, אן אונענטשלאסענער מענש.

half as big (האף עז ביג) א העלפט די גרויס.

half'-baked *a.* (האפ׳-בייקט) ניט דער־באקען, רויה; אונצייטיג; ניט געניט, נאריש.

half'-bath *n.* (האפ׳-בעטה) א האלבע וואנע, א פוס־וואנע.

half'beak *n.* (האפ׳-ביעק) אזא פיש, ביי וועלכען דער אונטערשטער טייל פון מויל איז לאנג און שארף.

Halfbeak

half'bill *n.* (האפ'-ביל) א פויגעל, ביי וועלכען דער אויבערשטער טייל פון שנא־בעל איז פיעל לענגער פון דעם אונטער־שטען; אזא פיש. ז. ***halfbeak***

half'-bin'ding *n.* (האפ'-באינ'-דינג) אן איינבאנד מיט א לעדערנעם רוקען און ברעגען.

half'-blood *n.* and *a.* (האפ'-בלאד) שטיף־שוועסטער אדער שטיף־ברידער; ברידער אדער שוועסטער ניט פון איין פא־טער אדער ניט פון איין מוטער; וואס שטאמט פון עלטערען פון פערשיעדענע ראסען; וואס זיינען שטיף־ברידער אדער שטיף־שוועסטער, וואס זיינען ברידער און שוועסטער ניט פון איין פאטער אדער ניט פון איין־מוטער; פון געמישטער אבשטא־מונג [פון עלטערען וואס בעלאנגען צו פערשיעדענע ראסען].

half'-blood'ed *a.* (האפ'-בלאד'-עד) פון געמישטער אבשטאמונג [פון עלטערען וואס בעלאנגען צו פערשיעדענע ראסען].

half'-bloom *n.* (האפ'-בלוהם) א קיי־לעכדיגע אייזען־מאסע וואס איז נור־וואס פון שמעלץ־אויווען.

half'-board *n.* (האפ'-באורד) א געווי־סע מאנעווורע פון א זעגעל־שיף זיך אויס־צודרעהען אין דער ריכטונג פון ווינד; ניט קיין פולע קעסט [ווען מען עסט נור איין מאל אין טאג]; א האלב־קארטאנע־נער איינבאנד.

half'-boar'der *n.* (האפ'-באור'-דער) א האלבער קעסטניק. ז. ***half-board***

half'-boots *n.* (האפ'-בוהטס) האלב־שטיוועל.

half'-bound *a.* (האפ'-באונד) געבונ־דען אין האלב לעדער. ז. ***half-binding***

half'-bred *a.* (האפ'-ברעד) פון גע־מישטער אבשטאמונג [ז. ***half-blood***]; ניט איבריגנס גוט ערצויגען.

half'-breed *n.* and *a.* (האפ'-בריעד) איינער וואס איז פון געמישטער אבשטא־מונג [פון עלטערען וואס בעלאנגען צו פערשיעדענע ראסען]; איינער פון דער אפאזיציע אין דער ניו יארקער רעפובלי־קאנער פארטיי וואס האט געקעמפפט גע־גען די פארטיי־פיהרער [דער קאמפף האט זיך אנגעהויבען אין 1881]; פון געמיש־טער אבשטאמונג.

half'-broth'er *n.* (האפ' בראטה'-ער) א שטיף־ברודער, א ברודער ניט פון איין פאטער אדער ניט פון איין מוטער.

half'-caste *n.* and *a.* (האפ'-קעסט) איינער וואס שטאמט פון עלטערען פון געמישטע ראסען [הויפטזעכליך פון איי־ראפעער און אזיאטען]; פון געמישטער אבשטאמונג [פון אייראפעער און אזיא־טען].

half'-cock *n.* (האפ'-קאק) א האלב־ארונטערגעלאזענער האהן [העמערעל] פון א ביקס.

half-cock' *v.* (האפ-קאק') האלב ארונטערלאזען דעם האהן [העמערעל] פון א ביקס.

half'-crown' *n.* (האפ'-קראון') א האל־בע קראנע [אן אמאליגע ענגלישע זיל־בערנע אדער גאלדענע מטבע].

half'-deck *n.* (האפ'-דעק) א האלב־דעק אדער געבראכענער דעק פון א שיף.

half'-dime *n.* (האפ'-דאים) אן אמאלי־גע זילבערנע פינף־סענטיגע מטבע אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

half'-dis'tance *n.* (האפ'-דיס'-טענס) א העלפט פון דער געוועהנליכער אנגע־נומענער שטרעקע צווישען מיליטערישע אבטיילונגען אדער רייהען.

half'-dol'lar *n.* (האפ'-דאל'-אר) א זילבערנער האלבער דאלאר [אין די פער־איינגטע שטאאטען פון אמעריקא].

half'-door *n.* (האפ'-דאור) א האלב־טהיר, א וואקעל־טהיר [וואס פערנעהמט ניט דעם גאנצען אריינגאנג און לאזט אן עפנונג פון אויבען און פון אונטען, ווי אין פיעלע אמעריקאנער שענקען און קאפע־הייזער].

half'-ea'gle *n.* (האפ'-איע'גל) א פינף־דאלארדיגע גאלדענע מטבע אין די פער־איינגטע שטאאטען פון אמעריקא.

hal'fers (הא'-פערז) לחצאין, העלפט אויף העלפט!

half'-face *a.* and *n.* (האפ'-פייס) וואס צייגט נור א העלפט פון דעם גע־זיכט [ווי למשל, א בילד]; אין פרא־פיל; ביי מיליטער — די אומדרעהונג אויף אן אכטעל פון א קרייז.

half'-faced *a.* (האפ'-פייסט) וואס צייגט נור א האלב פנים; וואס איז אין פראפיל; דין, אבגעמאגערט; ניט פאל־שטענדיג, ניט פאלקאמען; וואס איז בע־ציערט מיט א פיגור אין פראפיל [ווי למשל, א מטבע].

half'-faced camp (האפ'-פייסט קעמפ) א לאגער אדער געצעלט אפען פון דער זיידליכער זייט.

half'-fal'conet *n.* (האפ'-פעל'-קא-נעט) א קליינע קאנאנע.

half'-gone *a.* (האפ'-גאהן) האלב־מישוגע; ניש'קשה'דיג אנגע'שכור'ט, בגילופינ'דיג.

half'-hear'ted *a.* (האפ'-האר'-טעד) ענגהערציג, קליינמוטיג, אונפריינדליך; גלייכגילטיג; ווי א קאלטער לונג־און־לע־בער; ניט ערנסט, ניט אויפריכטיג.
The candidate received only **half-hearted** support at the polls.

half'-hear'tedly *adv.* (האפ'-האר'-טעד-לי) אויף אן ענגהערציגען, קליינמו־טיגען אדער אונפריינדליכען אופן; מיט קאלטקייט, מיט גלייכגילטיגקייט; אויף א ניט־ערנסטען אדער ניט־אויפריכטיגען שטייגער.

half'-hear'tedness *n.* (האפ'-האר'-טעד-נעס) ענגהערציגקייט, אונפריינדליכ־קייט, קליינמוטיגקייט; קאלטקייט, גלייכ־גילטיגקייט; ניט־ערנסטקייט, אונאויפריכ־טיגקייט.

half'-hol'iday *n.* (האפ'-האל'-אי-דיי) א האלבער יום טוב [ווען מען ארבייט נור א האלבען טאג].

half'-hour *n.* (האפ'-אור) א האלבע שטונדע.

half'-hour'ly *a.* (האפ'-אור'-לי) האלב־שטונדיג.

half'-length *a.* (האפ'-לענגטה) וואס איז א העלפט פון דער געוועהנליכער לענג; וואס צייגט נור דעם אייבערשטען טייל פון קערפער, ביז די קניע אדער אין ביוסט [ווי א בילד, למשל].

half'ling *n.*, *a.* and *adv.* (האפ'-לינג) א האלבע פעני [א מטבע]; א האלב־דער־וואקסענער; איינער וואס איז ניט איבריג געשייט אדער ניט איבריג קלוג; האלב־געוואקסען, ניט אין גאנצען דערוואקסען; טיילווייז; האלב.

half'lings *adv.* (האפ'-לינגז) טיילווייז; האלב.

half'-mast *n.* and *v.* (האפ'-מעסט) דאס אראבציהען נידריגער דעם פלאג [אלס צייכען פון טרויער אדער פון אן אונגליקס־פאל]; אראבציהען דעם פלאג אלס צייכען פון טרויער אדער פון אן אונגליקס־פאל.

half'-meas'ure *n.* (האפ'-מעזש'-אור) א האלבע מאסרעגעל; א פלאן, מיטעל אדער שטרעבונג וואס איז ניט גוט גע־נוג צו דערגרייכען דעם ציעל.
Half-measures never solve problems.

half'-moon *n.* (האפ'-מוהן) א האלבע לבנה; עטוואס וואס איז עהנליך צו א האלבער לבנה.

half'ness *n.* (האפ'-נעס) די האלבקייט; דאס זיין ניט פאלקאמען.

half'-note *n.* (האפ'-נאוט) א האלבע נאטע [אין מוזיק].

half'-pace *n.* (האפ'-פייס) דאס האל־בע ברייטע טרעפעל וואס ווערט געמאכט צווישען איין טרעפ און דער אנדערער; אן אברוה־פלאץ אויף א טרעפ.

half'-pay *n.* and *a.* (האפ'-פיי) העלפט פון געהאלט; ווענינגער ווי געוועהנליכע שכירות; פענסיע וואס ווערט געצאהלט א בעאמטען וועלכער איז ניט מעהר אין אקטיווען דיענסט; וואס איז בערעכטיגט צו פענסיע.

half'penny *n.* and *a.* (היי'-פען-אי) א האלבע פעני [א קופערנע ענגלישע מטבע]; וואס איז ווערטה א האלבע פעני; ביליג, ווערטהלאז.

half'-pike *n.* (האפ'-פאיק) אזא קורצע פיקע; מיליטערישע איבונגען מיט דיע־זער פיקע.

half'-price *n.*, *a.* and *adv.* (האפ'-פראיס) א האלבער פרייז; א קלענערער פרייז; וואס קאסט דעם האלבען פרייז; פאר א האלבען פרייז.

half'-read *a.* (האפ'-רעד) איבער־פלעכליך בעלעזען, א ביסעל בעלעזען.

half'-round *n.* and *a.* (האפ'-ראונד) א האלבע קוגעל; א האלבער קרייז; האלב־רונד.

half'-seas-o'ver *a.* (האפ'-סיעז-או'-ווער) בגילופינ'דיג, האלב־שכור.

half'-sigh'ted *a.* (האפ'-סאי'-טעד) וואס האט א שוואכע ראיה; קורצזיכטיג.

half'-sis'ter *n.* (האפ'-סיס'-טער) א שטיף־שוועסטער.

half'-sole *n.* and *v.* (האפ'-סאול) א האלבע זויל [א פאדמיאטקע]; לעגען האלבע זוילען [אויף שיך].

half'-step *n.* (האפ'-סטעפ) א האלבער טאן; א האלבער שריט [אין טאנצען].

half'-stuff *n.* (האפ'-סטאף) מאטעריאל וואס איז האלב אדער טיילווייז בעאר־בייט.

half'-sword *n.* (האפ'-סאורד) די האל־בע לענג פון א שווערד; א קורצע שווערד.

halft *n.* and *v.* (האפט) ז. ***haft***

half'-thought *n.* (האפ'-טהאהט) אן אויבערפלעכליכער געדאנק.

half'-ti'mer *n.* (האפ'-טאי'-מער) איי־נער וואס ארבייט די העלפט פון דער גע־וועהנליכער ארבייטס־צייט; א שילער אין ענגלאנד וואס א האלבען טאג ארבייט ער און א האלבען טאג געהט ער אין שוהל זיך לערנען.

half'-tint *n.* (האפ'-טינט) א צווישען־פארב, א מיטעל־פארב, אן איבערגאנגס־פארב.

half'-tone *n.* and *a.* (האפ'-טאון) א צווישען־פארב, א מיטעל־פארב; אן איי־בערגאנגס־פארב; א האלבער טאן [אין מוזיק]; א בילד וואס איז געדרוקט אין האלב־טאן; געדרוקט האלב־טאן. ז. ***half-tone process***

half′-tone proc′ess (האפ'-טאָון פּראָס'-עס) א פאָטאָגראַפישע מעטאָדע אַראָבצונעהמען בילדער אויף מעטאַל-פּלאַ-טען צום דרוקען. צווישען דעם אָביעקטיוו [די גלאַז-לינזע] און דער פאָטאָגראַפּי-שע פּלאַטע ווערט געשטעלט א גלאַז-פּלאַ-טע וועלכע איז ליניערט אין גאַנץ קליינע קעסטעלעך. פון דעם נעגאַטיוו [פאָטאָגרא-פּישע פּלאַטע] וואָס ווערט אויף דעם אופן ערהאַלטען ווערט אָראָבגענומען א פּאָזיטיוו אויף א מעטאַל-פּלאַטע, וועלכע איז בעדעקט מיט א געוויסען כעמישען שטאָף און וועלכע ווערט געלעגט אין אַזא שאַרפער כעמישער פליסיגקייט, וואו נע-וויסע טיילען פון דער פּלאַטע ווערען אויסגעפרעסט און עס בעקומט זיך אויף איהר א בולט בילד. דאָס געקעסטעלט-לי-ניערטע גלאַז וואָס ווערט געברויכט אין דיזען פּראָצעס גיט דעם בילד די נויטי-גע ווייכקייט אין דער פערטיילונג פון ליכט און שאָטען.

half′-tone screen (האפ'-טאָון סקרין) א גלאַז-פּלאַטע ליניערט אין גאַנץ קליי-נע קעסטעלעך, וועלכע ווערט געברויכט אין פאָטאָגראַפיע ביים אַראָבנעהמען האַלב-טאָן בילדער צום דרוקען. ז. *half-tone process*

half′-tongue *n.* (האפ'-טאַנג) געריכטס-געשוואָרענע פון וועלכע איין העלפט זיי-נען אויסלענדער [אין פעלע וואו עס דאַרף גע'משפט ווערען אַן אויסלענדער פאַר א קרימינעלען פערברעכען].

half′-way *adv.* and *a.* (האפ'-הוויי) אויף'ן האַלבען וועג; אין מיטען וועג; אין מיטען; וואָס איז אין מיטען.

half′-wit *n.* (האפ'-הוויט) אַן אידיאָט, א גולם.

half′-wit′ted *a.* (האפ'-הוויט'-עד) אידיאָטיש, דום.

half′-year *n.* (האפ'-ייִר) א האַלב-יאָהר; א זמן, א שוהל-סעמעסטער.

half′-year′ly *a.* and *adv.* (האפ'-ייִר'-לי) האַלב-יעהרליך; צוויי מאָל א יאָהר.

hal′iard *n.* (העל'-יאַרד) ז. *halyard*

hal′ibut *n.* (האל'-אי-באַט) דער הייל-בוט [אַזא גרויסער פּלאַטשיגער פיש עהנ-ליך צו א פלאָנדערקע].

hal′ibutter *n.* (האל'-אי-באַט-ער) א שיף וואָס איז פערנומען מיט פאַנגען הייל-בוטען [אַזעלכע גרויסע פּלאַטשיגע פיש].

halieu′tics *n.* (העל-אי-יו'-טיקס) אַן אָבהאַנדלונג וועגען פיש אָדער פיש-פאַנג.

haliog′rapher *n.* (העל-אי-אָג'-רע-פער) איינער וואָס בעשרייבט דעם ים.

haliog′raphy *n.* (העל-אי-אָג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון ים.

hall *n.* (האָהל) א פּאַר-הויז; א פּאַר-זאַאַל; א זאַאַל; א פערזאַמלונגס-זאַאַל, א געריכטס-הויף, א געריכטס-זאַאַל.

hall′age *n.* (האָהל'-עדזש) שטאַנד-געלד, אַן אָבצאָהלונג אין ענגלאַנד פאַר א פּלאַץ צו פערקויפען סחורה אין א קויף-האַלע.

hal′lan *n.* (העל'-ען) אַזא שירם וואָס ווערט געשטעלט צווישען דער טהיר און דעם אויוען, כדי צו האַלטען וואַרעם די צווייטע העלפט פון צימער.

hallelu′iah *int.* (העל-אי-לו'-יאַ) הללויה! לויבט גאָט!

hallelu′jah *int.* (העל-אי-לו'-יאַ) ז. *halleluiah*

hal′len *n.* (העל'-ען) ז. *hallan*

hal′lian *n.* (העל'-יען) ז *hallion*

hal′liard *n.* (העל'-יאַרד) ז. *halyard*

hal′lier *n.* (העל'-אי-ער) אַזא זאָרט נעץ צו כאַפּען פויגלען.

hal′lion *n.* (העל'-יאַן) א טויגעניכטס, א שטיק גאַרנישט; א פּרוי אָן אַרורה.

hall′-mark *n.* and *v.* (האָהל'-מאַרק) דער פּראָבע-שטעמפּעל אין ענגלאַנד אויף גאָלד און זילבער-זאַכען; אַרויפלעגען א פּראָבע-שטעמפּעל.

hallo′ *int.* (הע-לאָו') א בעגריסונגס-אויסרוף, אַן אויסרוף צו ציהען איממ-צענס אויפמערקזאַמקייט.

halloa′ *int.* (הע-לאָו') ז. *hallo*

halloo′ *v.*, *n.* and *int.* (הע-לוּה') אַרויס-לאָזען א געשריי; שרייען מיט א הויכען קול; רופען מיט א הויכען קול; א גע-שריי, אַן אויסגעשריי; א צורופס-וואָרט צו ציהען אויפמערקזאַמקייט.

hal′low *v.* and *n.* (העל'-אָו) הייליגען; ווייהען [מקדיש זיין צו עפּעס]; אַלס היי-ליג פערעהרען; א הייליגע פּערזאָן.

Hallowe′en′ *n.* (העל-אָ-אִין') דער אָבענד פאַר דעם קריסטליכען יום טוב פון אַלע הייליגע [דער אָבענד פון 31טען אָק-טאָבער].

Hal′low-eve *n.* (העל'-אָ-איוו) ז. *Hallowe′en*

Hal′lowmas *n.* (העל'-אָו-מעס) ז. *Hallowmass*

Hal′lowmass *n.* (העל'-אָו-מעס) דער קריסטליכער יום טוב פון אַלע הייליגע [דער ערשטער נאָוועמבער].

hallu′cinate *v.* (הע-ליו'-סי-נייט) בע-איינפלוסען מיט האַלוצינאַציאָנען. ז. *hallucination*

hallucina′tion *n.* (הע-ליו-סי-ניי'-שאָן) האַלוצינאַציאָן, א קראַנקהאַפטער צו-שטאַנד ביי וועלכען געוויסע חושים פונק-ציאָנירען ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין און זיי רופען אַרויס אַזעלכע פּערשטעלונגען, וועלכע זיינען ניטאָ אין דער ווירקליכ-קייט; א פאַלשע פּערשטעלונג.

hallu′cinator *n.* (הע-ליו'-סי-ניי-טאָר) איינער וואָס ליידעט פון האַלוצינאַציאָן. ז. *hallucination*

hallucinatory *a.* (הע-ליו'-סי-ניי-טאָ-רי) וואָס איז שייך צו האַלוצינאַציאָנען; וואָס רופט אַרויס האַלוצינאַציאָנען.

hall′way *n.* (האָהל'-הוויי) א קאָרידאָר.

halm *n.* (האָהם) שטרוי.

hal′ma *n.* (העל'-מאַ) אַזא שפּיעל אויף א ברעט מיט 256 קעסטעלעך, געשפּיעלט פון צוויי אָדער פיער פּערזאָן.

ha′lo *n.* and *v.* (היי'-לאָו) דער ליכט-קרייז אַרום דער זון אָדער לבנה; א ליכט-קרייז; דער ליכט-קרייז וואָס עס ווערט געמאָלען אַרום די קעפּ פון הייליגע; דער ברוינער קרייז אַרום דעם ברוסט-וואַר-צעל; אַרומרינגלען מיט א ליכט-קרייז.

Halo

hal′ogen *n.* (העל'-אָ-דזשען) האַלאָגען

[א כעמישער עלעמענט, וואָס בילדעט א ...אַלץ ביי זיין פערבינדען זיך מיט א מע-...טאַל. אַזעלכע עלעמענטען זיינען כלאָרין, ...בראָמין, יאָדין און פלואָרין].

haloge′nia *n.* (העל-אָ-דזשי'-ני-אַ) ז. *halogen*

halog′enous *a.* (הע-לאָדזש'-ע-נאַס) ...וואָס האָט די נאַטור פון א האַלאָגען, וואָס ...בילדעט זאַלץ-פערבינדונגען. ז. *halogen*

ha′loid *a.* and *n.* (היי'-לאָיד) ...וואָס איז ...ענליך צו ים-זאַלץ; ים-זאַלץ; א כעמי-...שע פערבינדונג פון מעטאַל מיט כלאָרין, ...בראָמין, יאָדין אָדער פלואָרין וואָס ביל-...דעט א זאַלץ וואָס איז ענליך צום ים-...זאַלץ.

hal′omancy *n.* (העל'-אָ-מען-סי) ...דאָס ...זאַכען כשוף אָדער נביאות זאָגען דורך ...זאַלץ.

halt *a.*, *v.* and *n.* (האָהלט) ...הינקעדיג; ...הינקען; צענערען [אין ריידען אָדער ...טהאָן]; זיך שלאָגען מיט דער דעה; מאַ-...כען א האַלט; אָבשטעלען; זיך אָבשטע-...לען; דאָס הינקען; א האַלט; א שטיל-...שטאַנד.

hal′ter *n.* and *v.* (האָהל'-טער) א היי-...ערדינער; איינער וואָס שלאָגט זיך מיט ...דער דעה; א שטריק צום הענגען פערברע-...כער; אַן אָברוטש אָדער לייצע פון א ...פערד; א באַלאַנסיר-קאָלבען פון אַן אינ-...זעקט [ז. *halteres*]; אַנטהאָן א פערד ...דעם אָברוטש.

hal′teres *n.* (האָהל'-טערז) באַלאַנ-...סיר-קאָלבען פון אַן אינזעקט [אַזעלכע ...צוויי קורצע שטענגעלעך וואָס געהען אַרויס ...פון ביידע זייטען אין מיטען פון אַן אינ-...זעקטס קערפּער].

hal′ting day (האָהל'-טינג דיי) א רוהע-...טאָג.

hal′tingly *adv.* (האָהל'-טינג-לי) ...הינ-...קעדיג; לאַנגזאַם, צענערענדיג.

halve *v.* (האַוו) ...טיילען אין העלפט

halves *n.* (האַווז) ...העלפטען, האַלבע.

hal′yard *n.* (העל'-יאַרד) א שטריק מיט ...וועלכע מען ציהט אַן א זעגעל פון א שיף.

ham *n.* (העם) ...פלייש פון די לענדען ...אָדער פון דעם דיך פון א שווין; דער ...טייל פון פוס אונטער דער קניע.

ham′adryad *n.* (העמ'-ע-דראַי-עד) ...אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע—א וואַלד-...געטין וואָס לעבט און שטאַרבט מיט דעם ...בוים אויף וועלכען זי האָט זיך אויפגע-...האַלטען.

ha′mate *a.* (היי'-מייט) ...קרום, געבויג-...ען [ווי א האַטשיק].

Ham′burg fowl (העמ'-בוירג פאָול) ...א האַמבורגער הוהן [א מין קליינע הוהן ...מיט א ראָזעווען קאַם און בלויע פיס].

hame *n.* (היים) א כאָמוט [אויף א ...פערד].

ham′let *n.* (העמ'-לעט) א קליין דערפ-...על.

ham′mam *n.* (העמ'-עם) א טערקישע ...באָד, א שוויץ-באָד.

ham′mer *n.* and *v.* (העמ'-ער) א האַ-...מער; עטוואָס וואָס איז ענליך צו א האַ-...מער אָדער ווירקט ווי א האַמער [ווי ...למשל: דער טייל פון זייגער וואָס קלאַפּט ...אַרויס די שטונדען, דער שלאָס אָדער האַהן ...פון א ביקס, די טיילען פון א פּיאַנאָ וואָס ...שלאָגען זיך אָן די סטרונעס און רופען ...אַרויס דעם קלאַנג, א גלאָקען-קלעפּעל א. ...ז. ג.]; א שטאַרקער, פערניכטענדער שונא; ...האַמערען, קלאַפּען; בעפעסטיגען אָדער ...מאַכען עפּעס מיט דער הילף פון א האַ-

מער; אויסארבייטען [אין געדאנק]; אר-
בייטען מיט פלייס אדער עקשנות; זיין
איינגערעגט, אנהאלטען די אויפרעגונג,
אנהאלטען די ארבייט מיט עקשנות.

ham'merable *a.* (העמ'-ער-עבל) וואס מען קען איינהאמערען, וואס מען קען שמידען.

ham'mer and tongs (העמ'-ער ענד טאנגז) שמיעד-ארבייט; מיט פיעל ליארם אדער קראפט.

ham'mer at (העמ'-ער עט) נאכטראכטען איבער עפעס, ניט קענען אננעהמען א בעשלוס ווענען עפעס.

ham'mer-ax *n.* (העמ'-ער-עקס) א האמער-האק [א געצייג וואס האט א האמער און א האק אויף איין און דעמזעלבען הענטעל].

ham'mer-beam *n.* (העמ'-ער-ביעם) א שטיק-באלקען פון א דאך [א קורצער האריזאנטאלער באלקען, וועלכער שטארצט ארויס פון דער וואנד און אויף וועלכען עס שטיצט זיך דער דאך].

ham'mer-catch'er *n.* (העמ'-ער-קעטש'-ער) דער טייל פון דער פיאנא, אין וועלכען עס פאלען אריין די העמערלעך וואס בריינגען ארויס די טענער.

ham'mer-cloth *n.* (העמ'-ער-קלאטה) אן איבערצוג אדער א צודעק איבער א קעלנע [דער זיץ פון א פוהרמאן אין א וואגען].

ham'mer-dressed *a.* (העמ'-ער-דרעסט) געמאכט אדער בעארבייט מיט א האמער [הויפטזעכליך ווענען שטיינער].

ham'mered gold (העמ'-ערד גאולד) דינע גאלד-פלאטען אדער גאלד-פאליא אויסגעקלאפט בולט, אין רעליעף [געברויכט פאר אויסנעהען].

ham'mered mon'ey (העמ'-ערד מאנ'-אי) מטבעות געמאכט מיט דער האנד [ניט מיט א מאשין].

ham'mered-up gold (העמ'-ערד-אפ גאולד) ז. ***hammered gold***

ham'mered work (העמ'-ערד הוואירק) מעטאל-ארבייט געמאכט מיט דער האנד [ניט מיט א מאשין].

ham'merer *n.* (העמ'-ער-ער) א האמערער, א האמער-שלאגער; א שמיעד.

ham'mer-fish *n.* (העמ'-ער-פיש) דער האמער-קאפ [א מין הייפיש]. ז. ***hammerhead***

ham'mer-hard *a.* (העמ'-ער-הארד) פערהארטעוועט דורך האמערען.

ham'mer-har'den *v.* (העמ'-ער-האר'דן) פערהארטעווען קאלטען מעטאל דורך האמערען.

ham'merhead *n.* (העמ'-ער-העד) דער האמער-קאפ [א מין הייפיש מיט א האמער-עהנליכען קאפ].


Hammerhead

ham'mer-head'ed *a.* (העמ'-ער-העד'-עד) מיט א האמער-עהנליכען קאפ [ווענען פיש און טהיערע].

ham'mering *n.* (העמ'-ער-אינג) דאס האמערען; א מין געצאקטע זילבער-ארבייט.

ham'merman *n.* (העמ' ער-מען) ז. ***hammerer***

ham'mer-oys'ter *n.* (העמ'-ער-אָיס'-טער) ז. ***hammer-shell***

ham'mer-pick *n.* (העמ'-ער-פיק) א שפיץ-האמער [א האמער מיט א פערשארפטען צווייטען עק].

ham'mer-scale *n.* (העמ'-ער-סקייל) שמיעד-שופען. ז. ***forge-scale***

ham'mer-shell *n.* (העמ'-ער-שעל) דער האמער-מאלוסקעל [א מין אויסטערס, עהנליך צו א האמער, וואס ענטהאלטען פערעל].

ham'mersmith *n.* (העמ'-ער-סמיטה) א שמיעד [הויפטזעכליך איינער וואס ארבייט מיט א מעכאנישען "האמער"].

ham'merwise *adv.* (העמ'-ער-וואיז) ווי מיט א האמער.

ham'merwort *n.* (העמ'-ער-הווארט) וואנד-קרויט. ז. ***pellitory***

ham'mock *n.* (העמ'-אק) א האמאק, א הענגמאטע [א מין הענגבעטעל]; א האמאק-עהנליכע איינהילונג פון דער לארווע פון איינינע אינזעקטען; א קליין בערגעל.

Hammock

ham'mock-bat'ten *n.* (העמ'-אק-בעט'ן) א ברעטעל אויסצוציהען א האמאק אדער א הענגמאטע.

ham'mock-clues *n.* (העמ'-אק-קלוהז) די שטריקלעך ביי די ענדען פון א האמאק.

ha'mose *a.* (היי'-מאָס) קרום, געבויגען [ווי א האטשיק].

ha'mous *a.* (היי'-מאס) ז. ***hamose***

ham'per *v. and n.* (העמ'-פער) אבהאלטען, שטערען, פערפלאנטערען, בריינגען אין פערלעגענהייט; קאליע מאכען, בריינגען אין אונארדנונג [ווי מאשינעריע]; פאקען; אנלאדען מיט פאק-קארבען; א קארב, א פאק-קארב; א קארב פאר אויסטערס [ענטהאלט צוויי בושעל]; אזא מאס פאר פיש [איינגעפעהר א בושעל]; זאכען אויף א שיף, וועלכע מען געברויכט ניט אפט און וועלכע זיינען אין וועג.

ham'shackle *v.* (העמ'-שעקל) צונויפבינדען דעם פוס און דעם קאפ פון א קוה אדער פערד [זיי זאלען ניט קענען אנטלויפען].

ham'ster *n.* (העמ'-סטער) דער האמסטער [אזא מין גריזשענד חיה'לע וואס לעבט אין נארעס טיעף אין דער ערד און שלאפט דורך דעם ווינטער. געפינט זיך אין אייראפא, אזיע און אפריקא].


Hamster

ham'string *n. and v.* (העמ'-סטרינג) דער מוסקעל אדער דער אדער אונטער דער קניע; איבערשניידען דעם אדער אונטער דער קניע, מאכען קרום.

ham'ular *a.* (העמ'-יו-לאר) ז. ***hamulate***

ham'ulate *a.* (העמ'-יו-לייט) קרום, געבויגען [ווי א האטשיק]; פול מיט קרימונגען.

ham'ulus *n.* (העמ'-יו-לאס) א קליינער האקען, א האטשיק, א קליינע אויסבויגונג אדער אויסקרימונג.

ha'mus *n.* (היי'-מאס) א האקען, א האטשיק, אן אויסבויגונג, אן אויסקרימונג.

han'aper *n.* (הענ'-ע-פער) א געפלאכטען קערבעל, אין וועלכען מען פלעגט אמאל [אין ענגלאנד] האלטען ווערטהפאלע זאכען אדער דאקומענטען.

hance *n.* (הענס) א געוועלב-שענקעל [דער טייל פון א געוועלב וואס געפינט זיך צווישען דעם נידריגסטען און העכסטען פונקט].

hand *n. and v.* (הענד) א האנד; דער פוס פון א פאלק [אזא רויב-פויגעל]; דער פאדערשטער פוס פון א פערד; דער הינטערשטער פוס פון אן אינזעקט; א לענגמאס פון 34 צאל [ווערט געברויכט ביי מעסטען פערד]; די זייט אדער ריכטונג צו רעכטס אדער לינקס; געשיקטקייט אין א געוויסער האנד-ארבייט; האנד-ארבייט; די ארט און וויינ פון א געוויסער ארבייט אדער טהעטיגקייט; איינער פון די וואס שפּיעלען אין קארטען; יעדע זאך וואס האט די פארם פון א האנד מיט 5 פינגער [ווי 5 זאכען וואס ווערען פערקויפט מיט איין מאל, א בינטעל טאבאקבלעטער א. ד. ג.]; אן ארבייטער; א מיטהעלפער; כיראגראפיע אדער האנדשריפט; א הסכמה צו הייראטען; א הענטעל; איבערגעבען, דערלאנגען; פיהרען ביי דער האנד; אנציהען די זעגלען אויף א שיף.

hand'-al'phabet *n.* (הענד'-על'-פע-בעט) א האנד-אלף-בית, א פינגער-אלף-בית, אן אלף-בית אדער א-בע-צע פאר טויב-שטומע. ז. ***finger-alphabet***

hand and glove (הענד ענד גלאוו) אינטים, פאמיליאר, זעהר נאהענט.
He is hand and glove with all the politicians of the town.

hand'-bag *n.* (הענד'-בעג) א רענצעל, א קליינער טשעמאדאן.

hand'-bag'gage *n.* (הענד'-בעג'-עדזש) האנד-געפעק [קליינער באגאזש וואס מען נעהמט מיט זיך אין וואגאן].

hand'-ball *n.* (הענד'-באהל) א ווייכער באל וואס ווערט געברויכט צום שפּיעלען מיט דער האנד; אזא מין שפּיעל מיט א ווייכען באל, וואס בעשטעהט אין דעם וואס מען ווארפט דעם באל אהן אויפהער צו א וואנד, ניט כאפענדיג איהם, נאר אבקלאפענדיג איהם צוריק יעדעס מאל ווען ער שפרינגט אב פון דער וואנד.

hand'-bar'row *n.* (הענד'-בער'-או) א נאסילקע אדער א טראג-ברעט [א ברעט מיט הענטעלעך פון ביידע זייטען, וואס ווערט געטראגען פון צוויי מענשען. ז. אילוסטראציאן]; א טאטשקע [א האנד-וועגעל אויף איין רעדעל צו פיהרען משא].


Hand-barrow

hand'-bas'ket *n.* (הענד'-בעס'-קעט) א האנד-קארב.

hand'-bell *n.* (הענד'-בעל) א האנד-גלעקעל.

hand'bill *n.* (הענד'-ביל) א קליינע אפישע, א בעקאנטמאכונג, א פלוג-בלעטעל.

hand'-bill *n.* (הענד'-ביל) אן אינסטרומענט ארומצוהאקען די צווייגען פון ביימער.

hand'book *n.* (הענד'-בוק) א האנד-בוך; א פיהרער אדער וועג-ווייזער פאר רייזענדע.

hand'-box *n.* (הענד'-באקס) א קעסטעל בעדעקט מיט גלאז צו בעשיצען איינצעלנע פלאנצען.

hand'-brace *n.* -הענד') בריים) דער ברוסט-בויע-רער [א מין ענבער צו מא-כען לעכער].

Hand-brace

hand'breadth *n.* -הענד') ברעדטה) א מאס ווי די ברייט פון א האנד, א טפח.

hand'-car *n.* (הענד'-קאר) אויף אן אייזענבאהן — א קליינער וואגאן מיט א מע-כאניזם וואס ווערט בעוועגט מיט דער האנד און ווערט בענוצט איבערצופיהרען ארבייטער פון איין פלאץ אויף דער ליניע צו א צווייטען.

hand'-cart *n.* (הענד'-קארט) א האנד-וועגעל [וואס מען שטופט מיט דער האנד].

hand'cuff *n.* and *v.* (הענד'-קאף) הענד-קאנדאלען [אן אייזערנער מאנשעט פאר ארעסטאנטען]; פערשמידען אין הענד-קאנדאלען.


Handcuffs

hand'-direc'tor *n.* -הענד'-די-רעק') טאר) ז. *hand-guide*

hand down (הענד דאון) דערלאנגען ארונטער; איבערלאזען פאר די קומענ-דע דורות.

han'ded *a.* (הענ'-דעד) מיט הענד; גע-מאכט מיט דער האנד [ניט דורך מא-שין].

han'der *n.* (הענ'-דער) אן איבערגע-בער, אן איבערליפערער.

hand'-foot'ed *a.* (הענד'-פוט'-עד) הענד-פיסיג, וואס האט פיער הענד [ווי אפען].

hand'ful *n.* (הענד'-פול) א הויפען; אביסעל; א קליינע צאהל.

There were only a handful of people at the meeting.

hand'-gal'lop *n.* (הענד'-געל'-אפ) א קורצער גאלאפ [א געוויסע ארט רייטען אויף א פערד].

hand'-gear *n.* (הענד'-גיער) א מעכא-ניזם אין א דאמפף-מאשין צו ברייגנען די ווענטילען אין בעוועגונג מיט דער האנד; א מעכאניזם צו ברייגנען א דאמפף-מאשין אין בעוועגונג מיט דער האנד.

hand'-glass *n.* (הענד'-גלעס) א גלאז צוצודעקען פלאנצען; א קליינער האנד-שפיגעל; א מין זאמד-זייגער, וואס ווערט בענוצט אויף א שיף צו מעסטען דעם גאנג.

hand'-grenade' *n.* (הענד'-גרי-נייד') א האנד-גראנאטע [אזא קויל וועלכע מען ווארפט מיט דער האנד].

hand'-grip *n.* (הענד'-גריפ) דאס אנ-כאפען מיט דער האנד; א האנד-גריף; א הענטעל, א שטיעל.

hand'-gripe *n.* (הענד'-גראיפ) ז. *hand-grip*

hand'-grips *n.* (הענד'-גריפס) א קאמפף, א צוזאמענשטויס.

hand'-guide *n.* (הענד'-גאיד) א האנד-פיהרער [א מין אינסטרומענט וועלכער האלט די האנד אין א גלייכער פאזיציאן ביים שפיעלען פיאנא].

han'dicap *n.*, *a.* and *v.* -הענ'-די) קעפ) אין וועט-לויף פון פערד — דער האנדיקאפ [א גרעסערע מאסע וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף א שטארקערען פערד אדער א גרעסערע שטרעקע וואס מען לאזט איהם לויפען כדי צו מאכען זיינע שאנסען גלייך מיט דעם שוואכערען]; וואס בעצייכענט א" וועט-קאמפף, וואו די שאנסען פון די קעמפפענדע צדדים ווע-רען מעהר אדער ווענינער אויסגעגליכען; געבען שווערערע בעדינגונגען דעם שטאר-קערען צד אין א וועט-קאמפף; שטעלען אין אן אונגינסטיגער לאגע.

han'dicraft *n.* and *a.* (הענ'-די-קרעפט) האנדווערק, האנד-ארבייט; וואס איז שייך צו האנדווערק.

han'dicraftsman *n.* -הענ'-די) קרעפטס-מען) א האנדווערקער; א בעל-מלאכה.

han'dicuff *n.* (הענ'-די-קאף) א קלאפ [מיט דער האנד].

han'dily *adv.* (הענ'-די-לי) בעקוועם; געשיקט, געוואנדט.

han'diness *n.* (הענ'-די-נעס) געשיקט-קייט, בעקוועמליכקייט.

hand in hand (הענד אין הענד) האנד אין האנד; איינשטימיג.

han'diwork *n.* (הענ'-די-הוואירק) האנדווערק, האנד-ארבייט; דאס וואס איז געמאכט געווארען מיט די הענד.

hand'kerchief *n.* (הענג'-קער-טשיף) א טיכעל; א נאז-טיכעל.

hand'-lan'guage *n.* -הענד'-לענ') גהוועדזש) א האנד-שפראך; דאס רעדען מיט די הענד און פינגער [ווי א שטו-מער]. ז. *finger-alphabet*

hand'-lathe *n.* (הענד'-לייטה) א קליינער ווארשטאט צום טאקען [דרעק-סלען] ווי ביי די זייגער = מאכערס, צייהן = מעכאניקער א. ד. ג.


Hand-lathe

han'dle *v.* and *n.* (הענ'דל) אנריהרען אדער אנטאפען מיט דער האנד; פיה-רען, לייטען; אנפיהרען, קאנטראלירען, האלטען אין האנד; האנדלען, זיך בעגעהן, זיך פערנעהמען אדער זיך אבגעבען מיט עפעס; בענוצען זיך, האבען צו טהאן מיט עפעס; האנדלען; מאכען א הענטעל צו עפעס; בענוצען די הענד, ארבייטען מיט די הענד; א הענטעל, א שטיעל; א מענש אדער א זאך, דורך וועלכע עפעס ווערט געטהאן אדער דורכגעפיהרט.

hand'-lead *n.* (הענד'-לעד) זענק-בליי [צום מעסטען די טיעף פון א וואסער].

han'dle arms! (הענ'דל ארמז) צו די וואפען! [א מיליטערישער אויסדרוק].

han'dle-bar *n.* (הענ'דל-באר) דער האנד-גריף פון א וועלאסיפעד [די קווער-ליעגענדע אויבערשטע געבויגענע שטאנג, וועלכע מען האלט מיט די הענד און מיט וועלכער מען קירעוועט דעם וועלאסיפעד].

hand'ler *n.* (הענד'-לער) אן איבערגע-בער, אן איבערליפערער; אין א געשיר-פאבריק — איינער וואס מאכט צו הענט-לעך צו ליימענע און פארצעלייענע כלים.

hand'less *a.* (הענד'-לעס) אהן הענד.

han'dle with care (הענ'דל הוויטה קעהר) פארזיכטיג האלטען, פארזיכטיג אומגעהן [מיט עפעס].

This package contains glassware. Handle with care.

hand'-loom *n.* (הענד'-לוהם) דער האנד-וועבשטוהל [א וועבשטוהל צו ווע-בען מיט דער האנד].

hand'-made *a.* (הענד'-מייד) געמאכט מיט דער האנד [ניט דורך מאשין].

hand'maid *n.* (הענד'-מייד) א דיענסט-מיידעל.

hand'maiden *n.* (הענד'-מיידן) ז. *handmaid*

hand'-me-down' *a.* (הענד'-מי-דאון') פארטיג געמאכט; מאנדעט.

hand'-mill *n.* (הענד'-מיל) א האנד-מיהלכעל [צום מאהלען פעפער, קאפע א. ז. וו.].

hand'-or'gan *n.* (הענד'-אהר'-גען) א קאטערינקע, א קליין שפיעל-קעסטעל.

hand o'ver (הענד או'-ווער) איבערגע-בען, איבערליפערען.

hand o'ver hand (הענד או'-ווער הענד) א האנד איבער א האנד [געברויכט ביי שיפער ביים ציהען א שטריק].

hand'-post *n.* (הענד'-פאוסט) א וועג-ווייזער [א סלופ אויף'ן וועג אויף וועל-כען עס איז אנגעצייכענט דער וועג].

hand'-press *n.* (הענד'-פרעס) א האנד-פרעס.

hand'-rail *n.* (הענד'-רייל) א געלענ-דער; א פארענטשע [אויף א טרעפ, גא-לעריי א. ד. ג.].

hand round (הענד ראונד) ארומדער-לאנגען, דערלאנגען פון איינעם צום צוויי-טען.

hands across' (הענדז ע-קראהס') פער-לעגט די הענד.

hand'-sail *n.* (הענד'-סייל) א האנד-זעגעל [א זעגעל וועלכע מען קען קירעווען מיט איין האנד].

hand'-saw *n.* (הענד'-סאה) א האנד-זעג.

hand'saw-fish *n.* (הענד'-סאה-פיש) דער לאנצעט-פיש [אזא ים-פיש ביי די פאסיפישע ברעגען פון די פעראייניגטע שטאאטען].

hand's'-breadth *n.* (הענדז'-ברעדטה) ז. *handbreadth*

hand'-screw *n.* (הענד'-סקרוה) א גע-צייג אדער מאשין אויפצוהייבען לאסט; די שרויב-צוואנג ביי סטאליארעס.

hand'sel *n.* and *v.* (הענד'-סעל) דאס געבען אדער נעהמען אויף מזל אדער גוט-גליק; א פאמשאטאק, דאס געלד פון דער ערשטער לייזונג אין א געשעפט; דאס ערשטע פערדיענסט אויף א נייער שטע-לע; דער ערשטער געברויך פון עפעס; די בענייאונג [פון א בגד, פון א הויז א. ד. ג.]; געבען עפעס אויף מזל אדער גוט-גליק; בענייען א זאך, בענוצען זי צום ערשטען מאל.

hand'-shake *n.* (הענד'-שייק) א האנד-דרוק, א בעגריסונג.

hand'-sha'king *n.* (הענד'-שיי'-קינג) דער האנד-דרוק; דאס בעגריסען זיך.

hands off! (הענדז אף) ארונטער מיט די הענד! די הענד אוועק! טרעט אב! ריהרט ניט! מישט זיך ניט!

hand'some *a.* (הענ'-סאם) שעהן; נעט; ציערליך; ארטיג, ערעל.

hand'somely *adv.* (הענ'-סאם-לי) אויף א פיינעם, נעטען אדער עדעלען שטייגער; פארזיכטיג און אנהאלטענד [ווע-גען א שיף].

hand'someness *n.* (הענ׳סאם נעס) שעהנהייט; ציערליכקייט.
hand'spike *n.* (הענד׳-ספּאיק) א הויב־שטאנג.
hand'spring *n.* (הענד׳-ספּרינג) א מין שפּרונג ווען דער קערפּער קוליעט זיך אי־בער און דער מענש פאלט אויף די הענד, האלטענדיג די פיס אין דער לופטען.
hand'staff *n.* (הענד׳-סטעף) א ווארף־שפּיעז; דער טייל פון א שלעגעל אדער דרעש־האלץ, וועלכען מען האלט אין די הענד.
hand'-stamp *n.* and *v.* (הענד׳-סטעמפּ) דאס אבדרוקען אדער אבשטעמפּלען מיט דער האנד; דרוקען אדער שטעמפּלען מיט דער האנד.
hand the sails (הענד טהי סיילז) אנ־ציהען די זעגלען [געברויכט ביי שי־פער].
hand'-tight *a.* (הענד׳-טאיט) אנגעצוי־גען אויף וויפיעל מען קען עס טהאן מיט דער האנד; מיטעלמעסיג אנגעצויגען.
hand'-to-hand' *a.* (הענד׳-טו-הענד׳) הארט איינער נעבען אנדערען.
hand'-to-mouth' *a.* (הענד׳-טו-מאוטה׳) פון האנד צום מויל; ניט הא־בענדיג אדער ניט פערזארגענדיג זיך אויף שפּעטער.
hand'-vise *n.* (הענד׳-וואיס) א האנד־שרויב־שטאק, א קליינער שרויב־שטאק.
hand'-work *n.* (הענד׳-הוואירק) האנד־ארבייט.
hand'-worked *a.* (הענד׳-הוואירקט) געמאכט מיט די הענד.
hand'worm *n.* (הענד׳-הוואירם) א מין מילב וואס עסט זיך איין אין לייב, בע־זאנדערס אין די הענד.
hand'writing *n.* (הענד׳-ראי-טינג) א האנדשריפט; דאס וואס איז געשריבען מיט דער האנד, א מאנוסקריפּט.
han'dy *a.* (הען׳-די) געשיקט; וואויל, בעקוועם, צו דער האנד.
han'dybook *n.* (הען׳-די-בוק) ז. *handbook*.
han'dycuff *n.* (הען׳-די-קאף) ז. *handicuff*.
han'dy-dan'dy *n.* (הען׳-די-דען׳-די) א קינדער־שפּיעל, וואו איך איינעם הענד ווערט עפּעס אריינגעלעגט און אן אנדע־רער דארף טרעפען אין וועלכער האנד דאס איז אריינגעלעגט געווארען.
han'dy-man *n.* (הען׳-די-מען) א מאן אונטער דער האנד [וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע ארבייט]; א בעל־מלאכה וואס ארבייט אלס נעהילף; איי־נער וואס דערלאנגט צו דער האנד.
hang *v.* and *n.* (הענג) אויפ־הענגען, אנהענגען, בעהענגען; אבהענגען; אראבהענגען: אראבלאזען, זינקען [ווי דעם קאפּ]; שוועבען; פערהאלטען, אב־שטעלען [א טהעטיגקייט]; ארויפשטעקען א קאסע אויף א הענטעל; פערטשעפּען, פערקלעמען; זיך פעסטהאלטען אן עפּעס; זיך וואקלען, זיין אונענטשלאסען; זיין פערטשעפּעט, זיין איינגעקלעמט; ארומ־הענגען, זיך ארומטרייבען; זיין משופּע־דיג; קומען צו אן אבהאלט; ניט קענען איינשטימען; באלאנסירען, האלטען גלייכ־געוויכט; דאס הענגען; משופּע׳דיגקייט; ריכטונג; שניט [ווי עפּעס צו טהאן].
hang about' (הענג ע-באוט׳) ארומהענ־גען, זיך ארומטרייבען; ארומטאנצען [ארום אימעצען].
hang'able *a.* (הענג׳-עבל) וואס קען אדער דארף אויפגעהאנגען ווערען.
hang against' (הענג ע-גענסט׳) הענ־גען ביי..., הענגען אויף...
The picture hangs against the wall.
hang a ju'ry (הענג ע דזשוה׳-רי) ניט דערלאזען, אז געריכטס־געשווארענע זא־לען קענען ארויסברייגנען אן אורטייל [הויפּטזעכליך, ווען איינער פון די גע־שווארענע טהוט עס אויס אונעהרליכע אדער נארייטש גרינדע].
hang around' (הענג ע-ראונד׳) ארומ־הענגען, ארומשלעפּען זיך; זיך אויפהאל־טען; האבען א רענדעוואו אדער א צו־זאמענקונפט.
hang back (הענג בעק) זיך וואקלען, זיין אונענטשלאסען, ניט האבען קיין חשק פארטצוזעצען.
hang'bird *n.* (הענג׳-בוירד) א פויגעל וואס בויט אן אראבהענגענדע נעסט; א "גאלגען־פויגעל" [א קאנדידאט אויף דער תליה].
hang by (הענג באי) אנהענגען אן עפּעס, זיין אנגעהאנגען אן עפּעס.
hang by a thread (הענג באי ע טהרעד) הענגען אויף א האר.
hang by the eye'lids (הענג באי טהי אי׳-לידז) הענגען אויף א האר [זיין אין דער גרעסטער סכנה]; זיין שטארק פער־נאכלעסיגט [וועגען א שיף].
hang'dog *n.* and *a.* (הענג׳-דאג) א "גאלגען־פויגעל" [א קאנדידאט אויף דער תליה]; וואס איז שייך צו אזא תליה־קאנ־דידאט.
hang'dog face (הענג׳-דאג פּיים) א צורה פון א רויבער אדער מערדער; א געזיכט פון א קאנדידאט אויף דער תליה.
hang'er *n.* (הענג׳-ער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט אויפהענגען עפּעס [ווי למשל, גלעקער]; א הענקער, א תליון; עטוואס וואס הענגט אראב; א הענגער; אזא קורצע שווערד.
hang'er-on *n.* (הענג׳-ער-אן) א קרי־כער, א טעלער־לעקער, אן אבהענגיגער מענש, א פּאראזיט.
hang'-fire *n.* (הענג׳-פאיר) דאס הענגען אין דער לופט; אונענטשיעדענהייט, אונ־בעשטימטקייט; דאס ניט אויסשיסען פון א ביקס נאכדעם ווי דער האהן איז אב־געלאזען געווארען.
hang fire (הענג פאיר) 1. ניט אויסשיסען נאכדעם ווי דער האהן פון ביקס איז אב־געלאזען געווארען; 2. הענגען אין דער לופטען; בלייבען אונענטשיעדען.
2. The plans for the organization of the new party hang fire.
hang heav'y on hand (הענג העווי׳-אי אן הענד) מאטערען, פּלאגען, פאלען צו לאסט, פערצוזאכען לאנגווייליגקייט.
During his vacation, time hangs heavy on his hands.
hang in doubt (הענג אין דאוט) זיין אין צווייפעל, זיין אונענטשלאסען, זיך וואקלען.
hang in ef'figy (הענג אין עפ׳-אי-דזשי) אויפהענגען דאס בילד פון אימעצען [אמאל פלעגט מען עס טהאן געריכטליך, ווען דער פעראורטהיילטער צום הענגען איז אנטלאפען; היינט טהוט מען עס אפט אום אויסצודריקען האס].
hang'ing *n.* and *a.* (הענג׳-אינג) דאס הענגען, דאס הינריכטען דורך הענגען; עטוואס וואס הענגט אדער הענגט אראב; א פאראהאנג; וואס פערדיענט געהאנגען צו ווערען, וואס דארף געבראכט ווערען אויף דער תליה.
hang'ing-bird *n.* (הענג׳-אינג-בוירד) ז. *hangbird*.
hang'ing commit'tee (הענג׳-אינג קא-מיט׳-אי) א קאמיטע וואס האט צו זאגען אויף אויסהענגען בילדער ביי אן אויסשטעלונג.
hang'ing gar'den (הענג׳-אינג גאר׳דן) א הענגענדער גארטען [א גארטען גע־פלאנצט אין דער הויך אויף סלופּעס].
hang'ings *n.* (הענג׳-אינגז) אביטשעס, טאפּעטען [אויף די ווענט פון א הויז].
hang'ing sleeve (הענג׳-גינג סליעוו) א לויזער ארבעל.
hang'ing wall (הענג׳-אינג הוואהל) די הענגענדע וואנד [אין שאכטען—דער טייל פון ערץ־אדער וואס הענגט איבער׳ן קאפּ].
hang in the bal'ance (הענג אין טהי בעל׳-ענס) זיך וואקלען, זיין אין צווייפעל, זיין אונענטשלאסען.
hang it (הענג איט) צום טייוועל מיט דעם.
hang'man *n.* (הענג׳-מען) א הענקער, א תליון.
hang'manship *n.* (הענג׳-מען-שיפּ) הענקערשאפט; דאס אמט אדער דער כא־ראקטער פון א תליון.
hang'nail *n.* (הענג׳-נייל) א שטיקעל אויפגעריסענע הויט ביים נאגעל.
hang'-nest *n.* and *a.* (הענג׳-נעסט) א הענגענדע נעסט; בויענד הענגענדע נעס־טען [וועגען געוויסע פויגעל].
hang'nest *n.* (הענג׳-נעסט) א פויגעל וואס מאכט הענגענדע נעסטען. ז. *hangbird*.
hang off (הענג אף) אבלאזען, צו רוה לאזען; אבלעגען; זיך וואקלען, צעגערען.
hang on (הענג אן) זיך אנ־אנהענגען; דריקען; זיין אבהענגיג, זיך פער־לאזען אדער זיך שטיצען אויף עפּעס; שטארק בעוואונדערען אדער שטארק בע־אבאכטען; מיט עקשנות אנהאלטען, דא־קומען.
hang one's jib (הענג וואנז דזשיב) אנבלאזען זיך, אנ׳ברוגז׳ען זיך.
hang on one's own hook (הענג אן וואנז און הוק) קענען אליין בעשטעהן דאס שטערטעל.
hang'out *n.* (הענג׳-אוט) א פּלאץ וואו מען האלט זיך אויף; א רענדעוואו, א צוזאמענקונפט.
hang out (הענג אוט) ארויסהענגען; וואהנען, זיך אויפהאלטען.
hang out the broom (הענג אוט טהי ברוהם) חשק האבען חתונה צו האבען; זו־כען א שדוך.
hang o'ver (הענג א׳-ווער) אריבער־הענגען, ארויסשטארצען.
hang to (הענג טו) זיך האלטען פעסט אן עפּעס, זיך איינקלאמערען.
hang togeth'er (הענג טו-געטה׳-ער) זיך האלטען צוזאמען, געהן האנד אין האנד; איינשטימען אין אלע פּרטים.
hang up (הענג אפּ) אויפהענגען; אוועק־לעגען אן א זייט, ניט בעריהרען.
hang upon' (הענג א-פּאן׳) ז. *hang on*.
hang up one's fid'dle (הענג אפּ וואנז פידל) עפּעס אויפגעבען, זיך צו־ריקציהען פון עפּעס.
hang up one's hat (הענג אפּ וואנז האט) זיך מאכען היימיש אין א פרעמדען הויז; אפט בעזוכען אימעצענס הויז [הויפּטזעכליך, ווען מען איז אין הויז אונצופריעדען מיט דיזע בעזוכען].
hang upon' some one's lips (הענג

א-פאן׳ סאם הוואנז ליפס) שלינגען אימעצענס ווערטער.

hank *n. and v.* (העןק) א שפולע אדער קנויל פאדים; א שטריק, א קיים, א קלאמער, א רינג אדער וועלכער עס איז אנדער געגענשטאנד וואס ווערט בענוצט צום בעפעסטיגען עטוואס; א מין אייזערנער אדער הילצערנער רינג פון א שיף; א געוועהנהייט, א מנהג; בעפעסטיגען מיט א שטריק; צונויפוויקלען אין קנוילען אדער שפולעס [ווי פאדים].

han′ker *v.* (הענ׳-קער) שטארק געלוסטען אדער לעכצען נאך עפעס.

A sick person often **hankers** after food which he should not eat.

han′kering *n.* (הענ׳-קער-אינג) דאס שטארקע געלוסטען אדער דאס לעכצען נאך עפעס.

han′keringly *adv.* (הענ׳-קער-אינג-לי) לעכצענדיג אדער געלוסטענדיג נאך עפעס.

han′key-pan′key *n.* (הענ׳-קי-פענ׳-קי) ז. ***hanky-panky***

han′ky-pan′ky *n.* (הענ׳-קי-פענ׳-קי) שווינדעל, בעטרוג, פאקוס, קונצען.

Hannibal′ian *a.* (הענ-אי-בעל׳-יען) וואס איז שייך צו האניבאל פון קארטאגא, וואס האט אנגעפיהרט די מלחמה געגען די רוימער אין דריטען יאהרהונדערט פאר קריסטוס׳עס געבורט.

Hannibal′ic *a.* (הענ-אי-בעל׳-איק) ז. ***Hannibalian***

Hanove′rian *a. and n.* (הענ-א-ווי׳-רי-ען) פון האנאווער; אן איינוואהנער פון האנאווער [א פראווינץ אין דייטשלאנד]; אן אנהענגער פון דער האנאווערער דינאסטיע [אין דער ענגלישער פאליטיק אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט].

han′sa *n.* (הענ׳-סא) ז. ***hanse***

Han′sard *n.* (הענ׳-סארד) א בירגער אדער קויפמאן פון א האנזע-שטאדט אין דייטשלאנד. ז. ***Hanse towns***

han′sard *n.* (הענ׳-סארד) דער געדרוקטער פראטאקאל פון דעם ענגלישען פארלאמענט [אויף דעם נאמען פון ארויסגעבער האנסארד].

Hanse *n. and a.* (הענס) די דייטשע האנזע-ליעג; וואס איז שייך צו דער דייטשער האנזע-ליעג.
ז. ***Hanseatic League***

hanse *n.* (הענס) א בונד פון האנדעלס שטעדט; א פעראיין אדער גילדע פון קויפלייט.

hanseat′ic *a.* (הענ-סי-עט׳-איק) וואס איז שייך צו א בונד פון האנדעלס-שטעדט אדער צו א גילדע פון קויפלייט.

Hanseat′ic *a.* (הענ-סי-עט׳-איק) וואס איז שייך צו די האנזע-שטעדט אין דייטשלאנד. ז. ***Hanse towns***

Hanseat′ic League (הענ-סי-עט׳-איק ליעג) דער בונד אדער ליעגע פון שטעדט אין נארד-דייטשלאנד, וועלכע האט עקזיסטירט אין די יאהרען 1669—1150, פאר די צוועקען פון האנדעל און צום שוץ געגען ים-רויבער און פיינדליכע רעגיערונגען.

han′sel *n. and v.* (הענ׳-סעל) ז. ***handsel***

Hanse towns (הענס טאונז) די האנזע-שטעדט [דער בונד פון שטעדט אין נארד-דייטשלאנד אין די יאהרען 1669—1150 פאר די צוועקען פון האנדעל און צום שוץ געגען ים-רויבער און פיינדליכע רעגיערונגען; די דייטשע פריי-שטעדט האמבורג, ליבעק און ברעמען.

han′som *n.* (הענ׳-סאם) אזא צוויי-רעדערדיגע בריטשקע.

Hansom

hap *n. and v.* (העפ) א צופאל; א צופעליגע פאסירונג; טרעפען, געשעהען, פאסירען.

hap′hazard *n. and a.* (העפ׳-העז-ארד) א צופאל, א פאסירונג; צופעליג.

hap′less *a.* (העפ׳-לעס) אונגליקליך.

hap′lessly *adv.* (העפ׳-לעס-לי) אונגליקליך, אונגליקליכערהייד.

hap′lessness *n.* (העפ׳-לעס-נעס) אונגליקליכקייט; דאס זיין אונגליקליך.

hap′ly *adv.* (העפ׳-לי) פיליי‌כט, אפשר; צופעליג.

ha′p′orth *n.* (היי׳-פוירטה) דער ווערטה פון א האלבער פעני: א קליינינקייט.

hap′pen *v. and adv.* (העפן) טרעפען, געשעהן, פאסירען; מעגליך, אפשר, פיליי‌כט.

hap′pen in (העפן אין) צופעליג אריינקומען; אבשטאטען א צופעליגען וויזיט.

hap′pening *n.* (העפ׳-נינג) א צופאל, א פאסירונג.

hap′pen on (העפן אן) זיך צונויפטרעפען; צופעליג זיך אנשטויסען אויף עפעס.

hap′pen what may (העפן וואט מיי) זאל געשעהן וואס עס וויל.

hap′pily *adv.* (העפ׳-אי-לי) גליקליך; מיט גוט גליק; גליקליכערווייז; געשיקט; פאסיג, געלונגען.

hap′piness *n.* (העפ׳-אי-נעס) גליק; גליקזעליגקייט; גליקליכקייט.

hap′py *a.* (העפ׳-אי) גליקליך, גליקזעליג; דערפרעהט; בעגינסטיגט פון גליק; געשיקט, פאסיג, געלונגען.

hap′py-go-luck′y *a. and adv.* (העפ׳-אי-גאו-לאק׳-אי) וואס לאזט געהן ווי עס געהט; אבגעלאזען; אויף גוט גליק.

har′a-kir′i *n.* (הער׳-א-קיר׳-אי) די הארא-קירי [אן ארט זעלבסטמארד ביי די יאפאנעזער דורך אויפשניידען דעם בויך און ארויסלאזען די געדערים]; זעלבסטמארד; זעלבסטפערניכטונג.

ha′ram *n.* (היי׳-רעם) ז. ***harem***

harangue′ *n. and v.* (הע-רענג׳) אן אראטארישע רעדע; אן אויפרוף; א דעקלאמאציאן, א טיראדע; האלטען א רעדע; אויפהיצען מיט א רעדע; מאכען אן אויפפאדערונג, אויפרופען.

harangu′er *n.* (הע-רענג׳-ער) א ווארט-פיהרער, א רעדנער.

har′ass *v.* (הער׳-עס) ערמיעדען, אבמאטערען; פלאגען, קוועלען; בעאונרוהיגען; רייבען.

har′asser *n.* (הער׳-עס-ער) א פערמאטערער, אן ערמיעדער; א בעאונרוהיגער.

har′assing *a.* (הער׳-עס-אינג) פערמאטערנד, ערמיעדענד; בעאונרוהיגענד.

har′assment *n.* (הער׳-עס-מענט) ערמיעדונג; אויסמאטערונג; פלאגונג; בעאונרוהיגונג.

har′binger *n. and v.* (האר׳-בינ-דזשער) א פאר-לויפער [א שליח וואס לויפט פאראויס אנצוזאגען וועגען דער אנקונפט פון א פערזאן אדער זאך]; זיין א פאר-לויפער; אנזאגען; ברייננגען די בשורה.

har′bor *n. and v.* (האר׳-באר) א דירה, אן אכסניא, א וואהנונגס-ארט; אן אבדאך; א שוץ-פלאץ; א האפען פאר שיפען; אויפנעהמען, געבען סטאנציע; פערדעקען, בעשיצען; פערבארגען אין זיך געדאנקען, איינהאלטען געפיהלען; בעקומען אן אבדאך; זיין בעשיצט אדער בעהאלטען; זיך אויפהאלטען; שטעהן אין האפען.

har′bor-dues *n.* (האר׳-באר-דיוז) האפען-אבצאהלונג [דער שטייער וואס א שיף דארף בעצאהלען פאר שטעהן אין האפען].

har′bored *a.* (האר׳-בארד) בעזארגט מיט דירה; אויפגענומען; בעשיצט.

har′borer *n.* (האר׳-באר-ער) איינער וואס גיט אימעצען אן ארט ביי זיך אין הויז.

har′borless *a.* (האר׳-באר-לעס) וואס האט ניט קיין האפען; אהן אן אבדאך; אהן אן אכסניא; ניט בעשיצט.

har′bor-light *n.* (האר׳-באר-לאיט) א לייכט-טהורם, וואס בעלייכט פאר די שיפען דעם אריינגאנג אין האפען.

har′bor-mas′ter *n.* (האר׳-באר-מעס׳-טער) א האפען-מייסטער [א בעאמטער וואס האט די אויפזיכט איבער די שיפען אין האפען].

har′bor-pi′rate *n.* (האר׳-באר-פאי׳-רעט) א האפען-פיראט [א רויבער אדער גנב וואס גנב׳עט אראב זאכען פון שיפען אין האפען].

har′bor revenge′ (האר׳-באר רי-ווענדזש׳) פערבארגען אין זיך א געדאנק וועגען נקמה.

hard *a., n. and adv.* (הארד) הארט, פעסט, שטייף; שווער צו דערלייד‌ען אדער אריבערצוטראגען, שטרענג, אכזריות׳דיג, גרויזאם; מיט א הארטען, פערשטיינערטען הארץ, אונ׳ברחמנות׳דיג; שווער, שלעכט; מיהזאם, מיט אייפערקייט, ענערגיש; רויה; גראב, בעליידיגענד; אונאנגענעהם, ארעם, קארג; סאליד, זיכער; אויף וואס אדער אויף וועמען מען קען זיך פערלאזען; וואס קען ליידען אדער אריבערטראגען, שטארק, קרעפטיג; אבליגאטאריש, בינדענד; פערהארטעוועט, פערדארבען, שלעכט; א הארטע אדער פערהארטעוועטע זאך; א שאסעע; מיט עקשנות, מיט א שטארקער ענערגיע; אויף א שווערען, בעמיהענדען שטייגער; פערארזאכענדיג יסורים, פייניגענדיג; אויף א סאלידען, זיכערען אופן; אין נאהענטער פערבינדונג, הארט נעבען; בעהאנדלענדיג גראב; מאכענדיג הארט אדער שווער.

hard and fast (הארד ענד פעסט) שטרענג בינדענד; שטארק אבליגאטאריש; וואס מען מוז טהאן אדער פאלגען.

hard at work (הארד עט הוואירק) פלייסיג ביי דער ארבייט.

hard′-bake *n.* (הארד׳-בייק) א מין קאנפעקט אדער צוקערקע.

hard′beam *n.* (הארד׳-ביעם) א קליינער בוים אדער קוסט מיט זעהר שטייפען האלץ פון וועלכען מען מאכט אינסטרומענטען פאר טישלער [סטאליארעס].

hard′-bound *a.* (הארד׳-באונד) מיט א הארטען מאגען, פערשטאפט; שטייף, ניט-ריהרעוודיג.

hard by (הארד באי) נאהענט, נעבען, דאביי.

hard cash (הארד קעש) הארטע קליינגערס, מזומנים.

hard'-earned *a.* (הארד'-אוירנד) שווער פערהארעוועט, פערדיענט דורך שווערער ארבייט.

har'den *v.* (האר'דן) מאכען הארט, פער־הארטעווען; פערייטארקען דעם כאראקטער, מאכען גלייכגילטיג צו עפעס; הארט ווע־רען; זיין מיט א הארטען כאראקטער, ווע־רען גלייכגילטיג צו עפעס; הויבען זיך אין מקח, טהייער ווערען.

hard'ener *n.* (הארד'-נער) דער וואס פערהארטעוועט [ווי איינער וואס ברענט איבער שטאהל צו מאכען עס הארט].

har'den the neck (האר'דן טהי נעק) ווערען ווידערשפעניג.

hard'-faced *a.* (הארד'-פייסט) מיט א בייזען פנים.

hard'-fa'vored *a.* (הארד'-פיי'-ווארד) געשטראפט פון דער נאטור, מיאוס, העס־ליך.

hard'-fa'voredness *n.* (הארד'-פיי'-ווארד-נעס) מיאוסקייט, העסליכקייט, גרא־בע געזיכטסציגע.

hard'-fea'tured *a.* (הארד'-פיע'-טשורד) וואס האט גראבע אדער מיאוסע געזיכטסציגע.

hard'-fern *n.* (הארד'-פוירן) א מין פארנקרויט אדער פאפאראטניק. ז. *fern*.

hard'-fis'ted *a.* (הארד'-פיס'-טעד) מיט שטארקע הענד; וואס האט א פערמאכטע האנד, קארג.

hard'-fought *a.* (הארד'-פאהט) שווער ערקעמפפט.

hard'-got *a.* (הארד'-גאט) שווער ער־ווארבען.

hard'-grained *a.* (הארד'-גריינד) מיט שטייפע אדערען [פיבען, פאזערען]; ניט־אנציהענד, אונפריינדליך.

hard'-grass *n.* (הארד'-גרעס) גארטען־גראז [א מין הארט גראז וואס וואקסט אפט אין גערטנער].

hard'-han'ded *a.* (הארד'-הענ'-דעד) וואס האט הארטע הענד [פון גראבער אר־בייט]; וואס הערשט מיט א שווערער האנד, דעספאטיש, אכזריות'דיג.

hard'-head'ed *a.* (הארד'-העד'-עד) מיט א שארפען קאפ; וואס לאזט זיך ניט לייכט אבנארען.

hard'-hear'ted *a.* (הארד'-האר'-טעד) הארט־הערציג, בייז, אונ'ברחמנות'דיג, אונמענשליך.

hard'-hear'tedness *n.* (הארד'-האר'-טעד-נעס) הארט־הערציגקייט; בייזקייט, אכזריות'דיגקייט, אונמענשליכקייט.

hard hit (הארד היט) שווער געטראפען [פון אונגליק].

har'dihood *n.* (האר'-די-הוד) דרייסט־קייט; פרעכהייט.

har'dily *adv.* (האר'-די-לי) אויף א דרייסטען, ענטשלאסענעם אופן; מיט פרעכהייט.

har'diness *n.* (האר'-די-נעס) פעסט־קייט; דרייסטקייט.

hard'ish *a.* (הארד'-איש) עט־ הארטליך, וואס הארט.

hard la'bor (הארד ליי'-באר) צוואנגס־ארבייט, קאטארזשנע ארבייט.

hard'-la'bored *a.* (הארד'-ליי'-בארד) אויסגעארבייט מיט מיה.

hard life (הארד לאיף) א נעמוטשעט לעבען.

hard lines (הארד לאינז) א ביטערער, שווערער מזל; עס געהט ניט, כאטש צו־רייס זיך.

hard'ly *adv.* (הארד'-לי) הארט; שטרענג; אונגינסטיג; מיט מיה; מיט מאטערניש; שווערליך, קוים; כמעט אין גאנצען ניט; אונוואהרשיינליך.

He hardly knows any one in this city.

hard'ly an'ything (הארד'-לי ענ'-אי-טהינג) כמעט גארנישט.

hard'ly an'ywhere (הארד'-לי ענ'-אי-הוועהר) כמעט אין ערגעץ ניט.

hard'ly ev'er (הארד'-לי עוו'-ער) כמעט קיינמאל ניט.

hard'ly one (הארד'-לי הוואן) כמעט קיינער ניט.

hard mon'ey (הארד מאנ'-אי) ז. *hard cash*.

hard'-mouthed *a.* (הארד'-מאוטהט) הארט־מויליג [ווענען א פערד וואס לאזט זיך ניט אזוי לייכט איינהאלטען דורך דער צוים].

hard'ness *n.* (הארד'-נעס) הארטקייט; שטייפקייט, רויהייט, גראבקייט; שטרענג־קייט; שווערקייט; הארט־הערציגקייט; אכזריות'דיגקייט; גרויזאמקייט; פערהאר־טונג.

hard'-pan *n.* (הארד'-פען) די אונ־טערשטע הארטע שיכט פון דער ערד וואס איז אונטער דער אויבערשטער ווייכער שיכט; הארט, אונגעאקערט לאנד; א פעס־טער באדען אדער באזיס; די נידריגסטע שיכט.

hard pull (הארד פול) א שווערע זאך, א שווערע אונטערנעהמונג.

hard pushed (הארד פושט) אויף גע־ בראטענע צרות; פערענגט [אין געלד].

hard run (הארד ראן) אין פערלעגענהייט, אין מאנגעל; אין געלד־פערלעגענהייט, האבענדיג א מאנגעל אין געלד, פערענגט.

hards *n.* (הארדז) פאקוליעס [אבפאל פון פלאקס]; אבפאל פון וואל.

hard'-set *a.* (הארד'-סעט) הארטנעקיג; פער'עקשן'ט; איינגעשפארט.

hard'-shell *a. and n.* (הארד'-שעל) 1. וואס האט א הארטען מושעל אדער שא־לעכץ; א ווענוס־מושעל מיט א הארטען שאלעכץ; 2. פער'עקשן'ט קאנזערוואטיוו, הארטנעקיג.

2. He is a hard-shell orthodox Jew.

hard'-shelled *a.* (הארד'-שעלד) ז. *hard-shell*.

hard'ship *n.* (הארד'-שיפ) מיה; מיהזע־ליגקייט; אנגעשטרענגטקייט; שווערקייט; בעדריקונג.

hard'-spun *a.* (הארד'-ספאן) שטייף גע־ דרעהט [ווענען פאדים].

hard'tack *n.* (הארד'-טעק) שיפס־צווי־ באק [אזא מין גרויסער הארטער ביסקוויט וואס ווערט געבאקען אהן זאלץ און ווערט געטריקענט פאר דעם געברויך פון דער ארמעע און פלאטע].

hard task (הארד טעסק) א שווערע אר־ בייט, א שווערע אויפגאבע.

hard time (הארד טאים) א שווערער שפי־ קעל ארבייט, א שווערע אויפגאבע.

I had a hard time to convince him.

hard times (הארד טאימז) שלעכטע, שווערע צייטען.

hard to please (הארד טו פליעז) שווער צו בעפרידיגען.

It is hard to please everybody.

hard up (הארד אפ) אויף געבראטענע צרות; אין א גרויסער געלד־פערלעגענ־הייט, שטארק פערענגט.

hard'ware *n.* (הארד'-הוועהר) אייזען־ווארען, שטאהל־ווארען אדער קורץ־ווארען [קלײנערע מעטאלענע ארטיקלען, ווי געצייג, געשיר א. ד. ג.].

hard'wareman *n.* (הארד'-הוועהר-מען) א אייזען אדער שטאהל־ווארען־הענדלער; א קורץ־ווארען־קרעמער.

hard wa'ter (הארד הוואה'-טער) הארט וואסער [וואסער וואס ענטהאלט אין זיך קאלך און אנדערע עהנליכע שטאפען].

hard'wood *a. and n.* (הארד'-הוואוד) פון הארט־האלץ, וואס איז פון הארט־האלץ; א הארט־האלץ־בוים.

har'dy *a. and n.* (האר'-די) הארט, פעסט, שטארק; ווידערשטאנדס־פעהיג, אויסדויערהאפט; אבגעהארטעט; מוטיג, דרייסט; פרעך; אזא פיערקאנטיג אייזענ־דעל וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א קאַ־ווארלע [אמבאס] פון א שמיעד.

har'dy-hole *n.* (האר'-די-האול) אזא פיערקאנטיג לאך אין א קאוואדלע [אמ־באס] פון א שמיעד.

hare *n.* (העהר) א האז.

Hare

hare and hounds (העהר ענד האונדז) אזא שפיעל וואס מאכט נאך די יאגד אויף האזען [א פאר מענשען לויפען פאראויס און צושפרייטען אויף'ן וועג שטיקלעך פא־פיער און לויט דיעזע שפורען יאגען זיי אנדערע נאך].

hare'bell *n.* (העהר'-בעל) די שאטלענדי־שע גלאקענבלום [א פלאנצע מיט אראב־הענגענדע גלאקענפערמיגע בלויע בלומען, איז שטארק פערשפרייט אין אייראפא און אין נארד־אמעריקא].

Harebell

hare'brain *a. and n.* (העהר'-בריין) מיט א האזענעם מארך; אונרוהיג; ווילד; ניט איבערלעגט, אונבעזאנען; צוטראגען; א אונרוהיגער, אונבעזאנענער אדער צו־ טראגענער מענש.

hare'brained *a.* (העהר'-בריינד) מיט א האזענעם מארך; אונרוהיג, ווילד; ניט איבערלעגט, אונבעזאנען, צוטראגען.

hare'brainedly *adv.* (העהר'-ברײנד-לי) ווי א האז; מיט אונרוהיגקייט, אונבעזאָנענהייט אדער צוטראגענקייט.

ha'reem *n.* (היי'-רעם) ז. *harem*

hare'-eyed *a.* (העהר'-איד) מיט האזענע אויגען; וואכזאם; שרעקעדיג.

hare'foot *n.* (העהר'-פוט) א האזענער פוס; עטוואס ענליך צו א האזענעם פוס; דאס האזען־פיסעל [אזא פלאנצע, ווערט אויך גערופען דאס בענעדיקטען־קרויט אדער נעלקען־ווארצעל].

hare'-foot'ed *a.* (העהר'-פוט-עד) וואס האט גערינגע־בעוועגליכע פיס [ווי ביי א האז].

hare'-hear'ted *a.* (העהר'-האר'-טעד) האזען־הערציג, שרעקעדיג.

hare'hound *n.* (העהר'-האונד) א הונד וואס ווערט געברויכט אויף האזען־יאגד, א כארט.

hare'-hun'ting *n.* (העהר'-האנ'-טינג) האזען־יאגד.

hare'-kangaroo' *n.* (העהר'-קענ-גע-רוה') די האז־קענגורו [אזא קליינע קענגורו ענליך אין קאליר און טיילווייז אויך אין ארט לעבען צו א האז].

hare'lip *n.* (העהר'-ליפ) א האזען־ליפ [א געשפאלטענע אויבערשטע ליפ]; אזא פיש וואס זיין מויל זעהט אויס אזוי ווי ער וואלט געהאט א האזען־ליפ [האלט זיך אין אייניגע טייכען אין די פערייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

hare'lipped *a.* (העהר'-ליפט) וואס האט א האזען־ליפ [א צושפאלטענע אויבערשטע ליפ].

ha'rem *n.* (היי'-רעם) א הארעם [די פרויען־אבטיילונג אין א מאכמעדאנישען הויז]; די הארעם־פרויען; א הייליגער פלאץ, א פערבאטענער פלאץ.

hare'-pipe *n.* (העהר'-פאיפ) א פאסטקע אדער א נעץ צו כאפען האזען.

hare's'-ear *n.* (העהרז'-איער) דאס האזען־אויערעל [אזא פלאנצע].

hare's'-let'tuce *n.* (העהרז'-לעט'-איס) האזען־קרויט [אזא מין פלאנצע, מיט וועלכער האזען שפייזען זיך].

hare's'-pal'ace *n.* (העהרז'-פעל'-עס) ז. *hare's-lettuce*

hare's'-tail *n.* (העהרז'-טייל) דאס וואל־גראז [א מין באוועל־גראז].

hare's'-tail rush (העהרז'-טייל ראש) ז. *hare's-tail*

hare'-this'tle *n.* (העהר'-טהיסל) ז. *hare's-lettuce*

har'fang *n.* (האר'-פענג) די שנעע־נאכט־אוילע [א נאכט־אוילע אדער סאווא וואס פרעסט האזען].

har'icot *n.* (הער'-אי-קאו) א מין מאכל פון פלייש און גרינסען; א מין פאסאליעס; א מין רויטע פארב [פאר לייטענע כלים].

har'ier *n.* (הער'-אי-ער) א מין קליינער יאגד־הונד.

ha'ri-ka'ri *n.* (הא'-רי-קא'-רי) ז. *hara-kiri*

har'ish *a.* (העהר'-איש) ענליך צו א האז.

hark *v.* (הארק) הערען, זיך איינהערען, הארכען [ווערט געברויכט מעהרסטענס אלס בעפעהל: הער!].

hark away'! (הארק ע-הוויי') פארווערטס! פארויס! [א בעפעהל צו יאגד־הינד].

hark'-away' *n.* (הארק'-ע-הוויי') א יאגד־רוף צו די הינד זיי זאלען לויפען נאך די שפורען פון די פערפאלגטע חיות.

hark back! (הארק בעק) א בעפעהל צו יאגד־הינד, וועלכע האבען פערלארען די שפורען פון די פערפאלגטע חיות, זיי זאלען זיך אומקעהרען צוריק און אנהויבען פון דאס־ניי זוכען.

hark back (הארק בעק) זיך צוריק אומקעהרען, אין א געשפרעך אדער אבהאנדלונג, צו א פריהעריגען פונקט און אנהויבען אלעס פון דאס־ניי.

Old people like to **hark back** to the good old times.

har'ken *v.* (האר'קן) זיך איינהערען; הארכען; זיין אויפמערקזאם.

hark for'ward! (הארק פאר'-הווארד) ז. *hark away!*

harl *n.* (הארל) פלאקס־פעדים; בינטלעך האר, וואל א. ד. ג.; אייגענטום ערווארבען דורך אונריינע מיטלען.

har'lequin *n., a. and v.* (האר'-לע-קין) א קלאון, א פאיאץ, א קאמיקער, א קאמעדיאנט, א קונצען־מאכער, א פורים־שפיעלער; א ליץ; פאנטאסטיש און פערשיעדענארטיג געפארבט; מאכען קאמעדיאנטסקע שטיק, אוועקשלעפען, אוועקלקחו'ען, מאכען עפעס זאל פלוצלונג פערשווינדען [ווי דורך א קונץ־שטיק].

harlequinade' *n.* (האר-לע-קי-נייד') א מין פאנטאמימע; א טייל פון א פאנטאמימע וואו דער קלאון אדער קאמיקער שפיעלט די הויפט ראלע; א קאמעדיאנטסקע שטיק; א שפאס, א לצנות; עטוואס וואס איז לעכערליך אדער וואס האט ניט קיין זין.

har'lequin duck (האר'-לע-קין דאק) א מין ים־קאטשקע [ענטעל] מיט פערשיעדענארטיגע און פאנטאסטיש־קאלירטע פעדערען [האלט זיך אויף אין די קאלטע געגענדען].

Harlequin Duck

har'lequinize *v.* (האר'-לע-קינ-איז) זיך קליידען פאנטאסטיש.

har'lequin ser'vice (האר'-לע-קין סויר'-ווים) א סערוויז [געשיר] אין וועלכען די בעזונדערע שטיקלעך זיינען פערשיעדען געפארבט.

har'lequin set (האר'-לע-קין סעט) ז. *harlequin service*

har'lot *n., a. and v.* (האר'-לאט) א גאסען־פרוי, א פראסטיטוטקע; געמיין, נידריג, פראסטיטואירט; וואס איז שייך אדער ענליך צו א פראסטיטוטקע; זיין א פראסטיטוטקע; זינדיגען מיט פראסטיטוטקעס.

har'lotize *v.* (האר'-לאט-איז) זיין א גאסען־פרוי אדער פראסטיטוטקע; זיך פראסטיטואירען.

har'lotry *n.* (האר'-לאט-רי) געמיינהייט, נידערטרעכטיגקייט; פראסטיטוציאן.

harm *n. and v.* (הארם) בייז, שאדען; פערלעצונג, בעשעדיגונג; מאכען שאדען, טהאן שאדען; שעדיגען, בעשעדיגען, פערלעצען.

harmat'tan *n.* (האר-מעט'-ען) דער הארמאטאן [א ווינד וואס בלאזט אין אייניגע טיילען פון אפריקא אין די מאנאטען דעצעמבער, יאנואר און פעברואר. בעת דעם ווינד ווערט די זון פערטונקעלט און פלאנצען און זאגאר די הויט ביי מענשען ווערען פערטריקענט].

harm'ful *a.* (הארמ'-פול) שעדליך, שעדיגענד, פערלעצענד.

harm'fully *adv.* (הארמ'-פול-אי) אויף א שלעכטען, שעדליכען, שעדיגענדען אדער פערלעצענדען אופן.

harm'fulness *n.* (הארמ'-פול-נעס) שעדליכקייט.

harm'less *a.* (הארמ'-לעס) אונשעדליך; אונבעשעדיגט, גאנץ.

harm'lessly *adv.* (הארמ'-לעס-לי) אהן שאדען; אויף אן אונשעדליכען אדער אונבעשעדיגטען אופן.

harm'lessness *n.* (הארמ'-לעס-נעס) אונשעדליכקייט, אונבעשעדיגטקייט.

harmon'ic *a. and n.* (האר-מאנ'-איק) הארמאניש; מוזיקאליש; איבעראיינשטימענד; אין מאטעמאטיק — ענליך צו אדער קאנסטרואירט ווי א הארמאנישע ליניע [די זיג־זאג ליניע וועלכע עס בעשרייבט א וויברירענדע סטרונע]; אן אויבערטאן; דער אבקלאנג פון א טאן; א הארמאנישער טאן [פון א סטרונע].

harmon'ica *n.* (האר-מאנ'-אי-קא) א מויל־הארמאניק [אזא מוזיקאלישע שפיעלצייג].

harmon'ical *a.* (האר-מאנ'-אי-קעל) הארמאניש; מוזיקאליש; איבעראיינשטימענד.

harmon'ically *adv.* (האר-מאנ'-אי-קעל-אי) אויף א הארמאנישען אופן; מיט הארמאניע; אין א הארמאנישער בעציהונג.

harmon'ical progres'sion (האר-מאנ'-אי-קעל פרא-גרעש'-אן) די הארמאנישע פראגרעסיאן אין מאטעמאטיק [א רייה צאהלען וואס זייערע רעציפראקע ווערטהען שטעהען אין אן אריפמעטישער פראגרעסיאן].

harmon'ic curve (האר-מאנ'-איק קירוו) א הארמאנישע ליניע [די זיג־זאג ליניע, וועלכע עס בעשרייבט א וויברירענדע סטרונע].

harmon'ichord *n.* (האר-מאנ'-אי-קאהרד) די פיאנא־פיעדעל [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס און מיט א קלאוויאטור ווי ביי א פיאנא און מיט טענער פון א פיעדעל].

harmon'icism *n.* (האר-מאנ'-אי-סיזם) דאס זיין הארמאניש.

harmon'icon *n.* (האר-מאנ'-אי-קאן) אן ארקעסטריאן [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט]; א גלאז־הארמאניקע; א מויל־הארמאניקע [א מוזיקאלישע שפיעלצייג].

harmon'ics *n.* (האר-מאנ'-איקס) די מאטעמאטישע טעאריע וועגען הארמאנישע ליניען; הארמאניע־לעהרע אין מוזיק.

harmo'nious *a.* (האר-מאו'-ני-אס) הארמאניש; וואוילקלינגענד; איבעראיינשטימענד, אייניג.

harmo'niously *adv.* (האר-מאו'-ני-אס-לי) אויף א הארמאנישען אופן; מיט הארמאניע; אייניג.

harmo'niousness *n.* (האר-מאו'-ני-אס-נעס) דאס זיין הארמאניש; הארמאניע, איינקלאנג; איבעראיינשטימונג.

harmonisa'tion *n.* (האר-מא-ני-זיי'-שאן) ז. *harmonization*

har'monise *v.* (האר'-מא-נאיז) ז. *harmonize*.

har'monist *n.* (האר'-מא-ניסט) א ־קע־ נער אין די פּרינציפּען פון הארמאניע אין מוזיק; א קאמפּאניסט [א מוזיק־פערפא־ סער].

Har'monist *n.* (האר'-מא-ניסט) א מיט־ גליעד פון אן אמאליגער קאמוניסטישער רעליגיעזער סעקטע, וועלכע איז ארגאני־ זירט געווארען פון געארג ראפּ אין ווירט־ עמבערג, דייטשלאנד און איז פון איהם אריבערגעפיהרט געווארען אין יאהר 1803 אין שטאאט פּענסילווייניא, אין די פער־ אייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

harmonis'tic *a.* (האר-מא-ניס'-טיק) וואס איז שייך צו הארמאניע; הארמאניש.

harmo'nium *n.* (האר-מאו'-ני-אם) א הארמאניום, א הויז־ארגעל.



Harmonium

harmoniza'tion *n.* (האר-מא ני-זיי'- שאן) דאס הארמאניזירען; דאס זיין הארר־ מאניש.

har'monize *v.* (האר'-מא-נאיז) זייך הארמאניש; מאכען הארמאניש אדער וואויל־קלינגענד [נאך די כללים פון הארר־ מאניע אין מוזיק]; הארמאנירען, ברייני־ גען אין איינקלאנג; ברייננען צו איבער־ איינשטימונג.

har'monizer *n.* (האר'-מא-נאי-זער) ז. *harmonist*.

harmonom'eter *n.* (האר-מא-נאמ'-ע- טער) א הארמאנאמעטער [אן אינסטרו־ מענט צו מעסטען די הארמאנישע בעצי־ הונגען פון קלאנגען].

har'mony *n.* (האר'-מא-ני) 1. מוזיק; הארמאניע; וואוילקלאנג; 2. איבעראיינ־ שטימונג.

2. They are now living in harmony.

har'motome *n.* (האר'-מא-טאום) דער קרייצשטיין [אזא מינעראל].

harn *n.* and *a.* (הארן) אזא גראבער זארט לייוועגד; געמאכט פון גראבען ליי־ ווענד.

har'ness *n.* and *v.* (האר'-נעס) די שפּאן־ געצייג פון א פערד [ווי דער כאמוט, די שלייעס, דער צוים א. ד. ג.]; די בעוואפ־ נונג אדער כלי־זיין פון א סאלדאט; אר־ בייטס־אינסטרומענטען; דאס וואס מאכט גרייט צו דער ארבייט; דער אפּאראט אין א וועב־שטוהל דורך וועלכען די לענג־פע־ דים זיינען דורכגעצויגען און הויבען זיך אויף און לאזען זיך ארונטער; דער מע־ כאניזם, דורך וועלכען עם בעוועגט זיך א גרויסער גלאק; אנטהאן אויף א פערד זיין געשפּאן.

har'ness-cask *n.* (האר'-נעס-קעסק) א פּראוויאנט־קאסטען [אויף א שיף].

har'ness-ma'ker *n.* (האר'-נעס-מיי'- קער) א רימער, א זאטלער, איינער וואס מאכט די שפּאן־געצייג פון א פערד.

har'ness-room *n.* (האר'-נעס-רוהם) א זאטעל־קאמער [א קאמער וואו מען האלט און מען רייניגט פערשיעדענע זאכען וואס זיינען שייך צו די שפּאן־געצייג פון א פערד].

har'ness-tub *n.* (האר'-נעס-טאב) ז. *harness-cask*.

Harp *n.* (הארפּ) די אסטראנאמיע — די ליירע [א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטע־ רען].

harp *n.* and *v.* (הארפּ) א הארף [א מוזיקאלי־ שער אינסטרומענט מיט סטרונעס]; א הארפּ אדער הארפּער [אן אלטע אירלענדישע מטבע פון 16טען און 17טען יאהרהונדערט]; אין א קראץ־מאשין — די גראבע אדער רע־ שאטקע, דורך וועלכער עס פאלט ארויס דער אבפאל פון אבגעקראצ־ טער וואל; שפּיעלען אויף א הארף; רעדען זעהר אפט וועגען איי־ נער און דערזעלבער זאך.

Harp

har'per *n.* (האר'- פּער) א הארף־שפּיע־ לער; א הארפּער אדער הארפּ [אן אל־ טע אירלענדישע מטבע].

har'peress *n.* (האר'-פּער-עס) א פרוי־ ענצימער וואס שפּיעלט אויף א הארף.

har'ping *n.* (האר'-פּינג) דאס שפּיעלען אויף א הארף; די דיקע לייסט אויף דעם פאדערשטען טייל פון א שיף.

har'pist *n.* (האר'-פּיסט) א הארף־שפּיע־ לער.

harp on one string (הארפּ אן וואן סטרינג) לאנגווייליג און מאנאטאנע זיך האלטען אן איין זאך אדער אן איין פּונקט.

harpoon' *n.* and *v.* (האר-פּוהן') א הארפּון, א ווארף־שפּיעז צום פאנגען וואל־ פיש; שטעכען, כאפּען אדער טויטען מיט א הארפּון.



Harpoon

harpoo'ner *n.* (האר-פּוה'-נער) איי־ נער וועלכער ווארפט דעם הארפּון אדער ווארף־שפּיעז אין א וואל־פיש.

harpoon'-gun *n.* (האר-פּוהנ'-גאן) א קאנאן, וועלכע שיסט ארויס מיט א הארר־ פּון אדער ווארף־שפּיעז.

harp'-seal *n.* (הארפּ'-סיעל) דער גרענ־ לאנדישער ים־הונד אדער דער הארף־ים־ הונד [ווערט אזוי גערופען, ווייל ביי די זייטען האט ער צוויי שווארצע פאסען, וועלכע בילדען עטוואס עהנליכעס צו א הארף].

harp'-shell *n.* (הארפּ'-שעל) א הארף־ מושעל [א מין ברייטע מושעל מיט ארויסגעשטארצטע ווינקלען וואס האט די פארם פון א הארף].



Harp-shell

harp'sichord *n.* (הארפּ'-סי-קאהרד) א הארפּסיכארד, א קלאוויר [א מין פּער־ טעפּיאן פון 17טען און 18טען יאהרהונ־ דערט].



Harpsichord

harp'sichordist *n.* (הארפּ'-סי-קאהר- דיסט) איינער וואס שפּיעלט אויף א הארפּסיכארד. ז. *harpsichord*.

harp upon' the same string (הארפּ א-פּאן' טהי סיים סטרינג) איבערזינגען דאסזעלבע ליעדעל, טאפּטשען זיך אויף איין ארט.

har'py *a.* (האר'-פּי) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — איינע פון די הארפּיען [משונה'דיגע בייזע און בלוטדורשטיגע בעשעפענישען מיט א קאפּ פון א פרויענ־ צימער, מיט פליגלען פון א רויב־פויגעל און מיט שארפע שפּיציגע נעגעל]; א רויבער, אן אכזר, א בייזער מענש; די הארפּיע [אזא גרויסער דרום־אמעריקאני־ שער אדלער].

har'py-ea'gle *n.* (האר'-פּי-איע'גל) די הארפּיע [אזא גרויסער דרום־אמעריקא־ נישער אדלער].

har'ridan *n.* (הער'-אי-דען) אן אלטע שלעכטע פרוי, אן ארורה, א שלאק.

har'rier *n.* (הער'-אי-ער) א קליינער הונד וואס ווערט בענוצט אין יאגד אויף האזען; איינער וועלכער בעאונרוהיגט אדער פּייניגט; א קארשון, א מארטין־ פויגעל [א מין רויב־פויגעל].

Harrier

har'row *v.* and *n.* (הער'-או) בראנע־ ווען, צוברעקלען די אויפגעאקערטע שטי־ קער ערד; רייסען, פּלינדרען, פּייניגען, קוועלען; א בראנע [אן אינסטרומענט, מיט וועלכען מען צוברעקעלט די אויפגע־ אקערטע שטיקער ערד].



Harrow

har'rower *n.* (הער'-א-ער) איינער וואס בראנעוועט; א פּייניגער; א יאסטרעב אדער קארשון [אזא רויב־פויגעל].

har'rowing *a.* (הער׳-א-אינג) הערצ= רייסענד.

har'rowingly *adv.* (הער׳-א-אינג-לי) אויף א הערצרייסענדען אופן.

har'ry *v.* (הער׳-אי) פייניגען, קוועלען; פלינדערען, פערוויסטען.

harsh *a.* (הארש) הארט, רויה, גראב, שארסטקע, נים גלאט; שטרענג, גרויזאם, שלעכט; בעליידיגענד; אונאנגענעהם, פערדרייסליך.

harsh'ly *adv.* (הארש׳-לי) אויף א ביי= זען, שטרענגען אדער אונפריינדליכען שטייגער.

harsh'ness *n.* (הארש׳-נעס) בייזקייט, גראבקייט, אונפריינדליכקייט; דאס זיין נים גלאט, דאס זיין שארסטקע; אונאנ= גענעהמליכקייט; שטרענגקייט.

hart *n.* (הארט) א זעקס=יעהריגער הירש.

hart'beest *n.* (הארט׳-ביעסט) א גרוי= סער אפריקאנישער אנטילאפ [א מין הירש].

harts'horn *n.* (הארטס׳-הארן) א הירש=הארן; א מין זאלץ אדער אמאניום וואס בעקומט זיך פון הירש=הארן [ווערט געברויכט אין מעדיצין]; דער ווילדער ראזמארין [אן אייביג גרינער קוסט פון דרום=אייראפא מיט גרויליכע בלעטער און טונקעל=בלויע בלומען].

harts'horn-plan'tain *n.* (הארטס׳-הארן-פלענ׳-טיין) דער ווילדער ראזמא= רין. ז. *hartshorn*

hart's'-tongue *n.* (הארטס׳-טאנג) דער הירש=צונג [א מין פארן=פלאנצע מיט לאנגע בלעטער]. ז. *fern*

Hart's-tongue

har'um-scar'um *a.* and *n.* (העהר׳-אם-סקעהר׳-אם) ווילד, צולאזען, אונבע= זאנען, לייכטזיניג; א ווילדער, צולאזע= נער אדער לייכטזיניגער מענש; א צו= דרעהטער קאפ.

harus'pex *n.* (הע-ראס׳ פעקס) ז. *aruspex*

har'vest *n.* and *v.* (האר׳-וועסט) די שניטצייט, די צייט פון יאהר ווען מען נעהמט אראב די תבואות פון די פעלדער; אבגעשניטענע תבואה, ערנטע; דער פראָ= דוקט פון אן ארבייט, א רעזולטאט, א פאלגע; דאס אראבנעהמען די תבואות פון די פעלדער; אראבנעהמען די תבואות פון די פעלדער; קלייבען די פרוכט, איינ= זאמלען, אריינברייינגען.

har'vest-bug *n.* (האר׳וועסט-באג) ז. *harvest-tick*

har'vester *n.* (האר׳-וועס-טער) א שניטער, איינער וואס שניידט אב די תבואה פון די פעלדער; א שנייד=מאשין; א מין שפין מיט לאנגע פיס.

har'vest-field *n.* (האר׳-וועסט-פיעלד) א פעלד, פון וועלכען מען נעהמט אראב די אבגעשניטענע תבואה.

har'vest-fly *n.* (האר׳-וועסט-פלאי) א מין היישעריק אדער גריל, וואס ערשיינט אין שניט= צייט [ענדע זו= מער].

Harvest-fly

har'vest-home *n.* (האר׳-וועסט-האום) די שניט=צייט; דאס ברייינגען די אבגע= שניטענע תבואות אהיים; דער יום= טוב פון שניט=צייט; דאס ליעד וואס ווערט געזונגען אין דיעזען יום=טוב פון שנים=צייט.

har'vest-louse *n.* (האר׳-וועסט-לאוס) ז. *harvest-tick*

har'vestman *n.* (האר׳-וועסט-מען) א שניטער, דער וואס שניידט די תבואה פון די פעלדער; א מין שפין מיט לאנגע פיס.

har'vest-mite *n.* (האר׳-וועסט-מאיט) ז. *harvest-tick*

har'vest-moon *n.* (האר׳-וועסט-מוהן) די פולע לבנה אין דער שניט=צייט [די צייט נאהענט צו הערבסט, וועלכע ציי= כענט זיך אוים מיט זעהר ליכטיגע נעכט].

har'vest-mouse *n.* (האר׳-וועסט-מאוס) די פעלד=מויז [א קליין מייזעלע וואס האלט זיך אויף אין די פעלדער].

har'vest-queen *n.* (האר׳-וועסט-קווין) די ערנטע=קעניגין [אין שניט= יום=טוב פלעגט מען אין אמאליגע ציי= טען אויספוצען א פּופּע אדער קוקלע, וועל= כע פלעגט דארפען פארשטעלען די געטין צערעס, און מען פלעגט זי טראגען אין פאראד].

har'vest-tick *n.* (האר׳-וועסט-טיק) א מין קליינער מילב, וועלכער עסט זיך איין אין לייב און זויגט דאס בלוט [בעוויזט זיך מעהרסטענס אין שנים=צייט]

Harvest-tick

har'vest-time *n.* (האר׳-וועסט-טאים) די שניט=צייט.

har'vest-wom'an *n.* (האר׳-וועסט-וואומ׳-ען) א שניטערין, א תבואה=שניי= דערין.

has (העז) האט. ז. *have*

has'-been *n.* (העז׳-ביען) עטוואס וואס בעלאנגט צו דער פערגאנגענהייט; עט= וואס וואס איז ארוים פון געברויך.

hash *v.* and *n.* (העש) האקען אין קליי= נע שטיקלעך; געהאקט פלייש; א געריכט פון פלייש און בולבעס וואס מען האט פריהער אבגעקאכט און נאכדעם צוהאקט און ווידער געקאכט; א שפייז צונויפ= געמישט פון נאכגעבליבענע און אלטע עסענס; שמוציגע רייד, נבול פה.

hash'eesh *n.* (העש׳-איש) ז. *hashish*

hash'-house *n.* (העש׳-האוס) א בילי= גע אכסניה אדער קעסט=הויז.

hash'ish *n.* (העש׳-איש) האשיש [אזא בערוישענדער געטראנק וואס ווערט גע= מאכט פון אינדישע קאנאפליעס]; אינדי= שע קאנאפליעס [האנף].

haskiniza'tion *n.* (העס-קינ-אי-זיי׳-שאן) א פראצעס צום פערהארטען און שטארק צו מאכען האלץ דורך היץ און דרוק. דאס האלץ ווערט געבראכט אין א טעמפעראטור פון 212 גראד פארנהייט און אונטער א דרוק פון 200 פונט אויף יעדען קוואדראט צאל [אינטש].

has'kinize *v.* (העס׳-קי-נאיז) פערהאר= טעווען האלץ דורך היץ און דרוק. ז. *haskinization*

has'let *n.* (העס׳-לעט) דער אינגעווייד פון א חזיר.

hasn't (העזנט) אן אבקירצונג פון די ווערטער *has not*

hasp *n.* and *v.* (העספ) א קלאמער, א האקען, א שליס=האקען; א טהיר=קייטעל; א פאדים, א שטריקעל; א שנור; אן אינסטרומענט צו צוגראבען גראז=לאנד; פערקלאמערען, פערקייטלען, פערהעקלען.

has'sock *n.* (העס׳-אק) אזא דיקער, הארטער קישען וואס ווערט בענוצט אלס פוס=בייגקעל; א קניע=קישען [א קישעלע אין קירך אונטערצולעגען אונטער די קניע ביים בוקען זיך].

hast (העסט) האסט. ז. *have*

has'tate *a.* (העס׳-טייט) מיט א שפּיץ; שפּיצ=פערמיג.

has'tately *adv.* (העס׳-טייט-לי) אין א שפּיציגער פארם, אין דער פארם פון א שפּיץ.

haste *n.* and *v.* (הייסט) האסט, איילע= ניש; איילען, זיך איילען; שפּודען, אונ= טערטרייבען.

ha'sten *v.* (הייס׳ן) אונטערטרייבען, איי= לען, שפּודען; זיך איילען.

ha'stener *n.* (הייס׳נ-ער) איינער וואס איילט אדער טרייבט אונטער.

has'tily *adv.* (הייס׳-טי-לי) אין איי= לעניש, מיט האסט; שנעל, האסטיג.

has'tiness *n.* (הייס׳-טי-נעס) האסטיג= קייט, איילעניש; איבערנאאיילטקייט.

has'ting *a.* and *n.* (הייס׳-טינג) פריה= צייטיג [וועגען פרוכט אדער גרינס וואס ווערען פריהצייטיג רייף]; א פריהצייטי= גע פרוכט; פריהצייטיגע ארבעס.

has'ting-ap'ple *n.* (הייס׳-טינג-עפל) א פריהצייטיגער עפּעל [אן עפּעל וואס ווערט פריהצייטיג רייף].

has'ting-pear *n.* (הייס׳-טינג-פּעהר) א פריהצייטיגע בארנע.

has'tings *n.* (הייס׳-טינגז) פריהצייטיגע פרוכטען [הויפטזעכליך ארבעס].

has'ty *a.* (הייס׳-טי) האסטיג, איילינג; איבעראיילט, אונאיבערלעגט; פריהצייטיג, פריה רייף.

has'ty-foot'ed *a.* (הייס׳-טי-פוט׳-עד) שנעל=פיסיג, פלינק.

has'ty-pud'ding *n.* (הייס׳-טי-פוד׳-אינג) א שנעל געמאכטער פודינג [אזא פודינג וואס ווערט געמאכט פון מילך און מעהל וואס ווערט שנעל אבגעקאכט].

has'ty-wit'ted *a.* (הייס׳-טי הוויט׳-עד)

היציג, איבעראײלט, ניט איבערלעגט, ניט בעזאָנענ.

hat *n. and v.* (העט) א הוט; א הוּ־טעל; קאַרע, מיט וועלכער מען בעדעקט פעל ביים גארבען; א פאררײכטונג אין א שמעלץ־אויוען צו פערהאַלטען די גאַזען; אנטהאָן א הוט; ארויפלעגען דעם הוט אויף א זיץ־פלאַץ כדי אז אנדערער זאָל דעם פּלאַץ ניט פערנעהמען.

ha'table *a.* (היי־טעבל) ז. ***hateable***

hat'band *n.* (העט־בענד) א הוט־באַנד, א הוט־שנור.

hat'-block *n.* (העט־בלאָק) דער מאַ־דעל, דאָס קלעצעל, אויף וועלכען מען מאַכט א הוט.

hat'-bod'y *n.* (העט־באָד־אי) דאָס שטיקעל פילץ, פון וועלכען מען דאַרף ערשט מאַכען א הוט.

hat'-box *n.* (העט־באָקס) א הוט־שאַכ־טעל.

hat'-brush *n.* (העט־בראַש) א הוט־בערשטעל.

hat'-case *n.* (העט־קייס) ז. ***hat-box***

hatch *n. and v.* (העטש) א האַלבע טהיר; א טהיר מיט גראַטעס; א פאַל־טהיר; א גראַטע, א צודעק איבער אן עפנונג אין א שיפס־דעק; אן עפנונג אין דער דיל [פאָדלאָגע] פון א געביידע; אן עפנונג אין א שאַכט; א פערצאַמונג אין א טייך צו כאַפּען פיש; בריהונג, אויס־בריהונג; די פויגעלעך וואָס ווערען אויס־געבריהט אדער אויסגעזעצט מיט איין מאָל; די אייער וואָס ווערען מיט איין מאָל אויסגעזעצט; א שאַטען־ליניע [אין מאָלעריי אדער גראַווירונג]; בעדעקען מיט א פאַל־טהיר אדער מיט א גראַטע; אויסבריהען, אויסזיצען [אייער]; פּלאַ־נעווען [הויפּטזעכליך אין געהיים]; אויסבריינגען, פעראורזאַכען; ווערען אויסגעבריהט; מאַכען שאַטען־ליניעס [אין מאָלעריי אדער גראַווירונג]; ארומנעה־מען, בעדעקען, בעלעגען [ווי מיט באַנד].

hatch a plot (העטש ע פּלאָט) מאַכען א קאָנספּיראַציע, פּלאַנעווען עפּעס אין גע־היים.

hatch'-boat *n.* (העטש־באָוט) א מין פישער־שיף מיט א ספּעציעלער פּאַרריכ־טונג [אין דער פאָרם פון א ברונים] צו האַלטען דאָרט פיש.

hatch'el *v. and n.* (העטש־על) קעמען פלאַקס; רייצען, ערגערען; א פלאַקס־קאַם.

hatch'eller *n.* (העטש־על־ער) איי־נער וואָס קאַמט פלאַקס אדער קאַנאָפּליע.

hatch'er *n.* (העטש־ער) איינער וואָס פלאַנעוועט עפּעס אין געהיים; א קאָנספּי־ראַטאָר; א פויגעל וואָס בריהט אויס אדער זיצט אויס אייער; א בריה־מאַשין [צום אויסזיצען אייער].

hatch'ery *n.* (העטש־ער־אי) א פּלאַץ פאַר אויסבריהען אדער אויסזיצען אייער; א פאַרריכטונג פאַר קינסטליכער בריהונג [הויפּטזעכליך פון פיש].

hatch'et *n.* (העטש־עט) א העקעל.

hatch'et-face *n.* (העטש־עט־פייס) א לאַנג געזיכט מיט שאַרפע, בולט'ע געזיכטס־ציגע.

hatch'et-faced *a.* (העטש־עט־פייסט) וואָס האָט א לאַנג געזיכט מיט שאַרפע געזיכטס־ציגע.

hatch'et-helve *n.* (העטש־עט־העלוו) א הענטעל פון א האַק.

hatch'et-stake *n.* (העטש־עט־סטייק) א קליינע קאָוואַדלע [אמבאָס].

hatch'ing *n.* (העטש־אינג) דאָס מאַ־כען שאַטען־שטריכען [אין מאָלען אדער גראַווירען]; א שאַטען־ליניע, שאַטירונגס־ליניע.

hatch'ing-appara'tus *n.* (העטש־אינג־עפּ־ע־ריי־טאָס) א בריה־מאַשין [צום אויסבריהען אייער].

hatch'ing-box *n.* (העטש־אינג־באָקס) א פאַררײכטונג פאַר קינסטליכער פיש־ברי־הונג.

hatch'ing-house *n.* (העטש־אינג־האוס) א בריה־הויז [א פלאַץ וואו מען בריהט קינסטליך אויס פיש].

hatch'ing-knife *n.* (העטש־אינג־נאַיף) א האַק־מעסער.

hatch'ing-ov'en *n.* (העטש־אינג־אָוו'ן) א בריה־אויווען [קינסטליך אויסצובריהען אייער].

hatch'ing-pen *n.* (העטש־אינג־פּען) א דינע פען צום מאָלען.

hatch'-lad'der *n.* (העטש־לעד־ער) א לייטער אויף א שיף צווישען צוויי דע־קען.

hatch'ling *n.* (העטש־לינג) א יונג קינסטליך אויסגעבריהט פישעלע.

hatch'ment *n.* (העטש־מענט) א שילד אדער הערב [אלס אויסצייכנונג]; א טוי־טען־שילד; אן עהרען־צייכען, אן אויס־צייכנונגס־צייכען.

hatch'ure *n.* (העטש־אוהר) ז. ***hatching***

hatch'way *n.* (העטש־הוויי) א לוקע [אן עפנונג אין דעם דעק פון א שיף; אן עפנונג מיט א פאַל־טהיר אין דאַך אדער אין דיל [פאָדלאָגע].

hat'-die *n.* (העט־דאַי) ז. ***hat-block***

hate *v. and n.* (הייט) פיינד האָבען, האַסען; פעראַבשייען; זיך וועניג קימע־רען; האַס, פיינדשאַפט.

hate'able *a.* (הייט־עבל) וואָס איז ווערטה צו זיין געהאַסט.

hate'ful *a.* (הייט־פול) פערהאַסט, אַב־שייליך; בייז, שלעכט, פול מיט האַס.

hate'fully *adv.* (הייט־פול־אי) מיט האַס; מיט בייזקייט; אויף אן אבשייליכען אופן; אזוי אז עס זאָל ארויסרופען האַס.

hate'fulness *n.* (הייט־פול־נעס) פער־האַסטקייט, אבשייליכקייט; בייזקייט, שלעכטקייט.

hate'less *a.* (הייט־לעס) אהן האַס.

ha'ter *n.* (היי־טער) א האַסער, א פיינד.

hath (העטה) ז. ***have*** האָט.

hat'-hon'or *n.* (העט־אָנ־אָר) בעגריסונג דורך אראָבנעהמען דעם הוט.

hat'less *a.* (העט־לעס) אהן א הוט.

hat'-ma'ker *n.* (העט־מיי־קער) א הוט־מאַכער.

hat'-mon'ey *n.* (העט־מאַנ־אי) אן עקסטרא בעלוינונג צו א פראַכט־שיף אדער צו איהר קאַפּיטאַן.

hat'-pin *n.* (העט־פּין) א הוט־נאַדעל [א לאַנגע נאָדעל מיט א פערציערטען קע־פעל וואָס פרויען געברויכען פאַר היט].

hat'-press *n.* (העט־פּרעס) א פּרעס־מאַשין מיט וועלכער עס ווערט אויסגע־פרעסט די פאָרם פון היט.

hat'-rack *n.* (העט־רעק) א געשטעל מיט העננערס פאַר היט, קליידער א. ז. וו.

ha'tred *n.* (היי־טרעד) האַס.

hat'-sweat *n.* (העט־סוועט) א הוט־שווייס־בענדעל [דאָס אינוועניגסטע רימענ־דעל ארום די ברעגעס פון א הוט].

hat'ter *n. and v.* (העט־ער) א הוט־מאַכער; א הוט־הענדלער; צונויפוואַמלען אין א קופּע; ערמידען; פערוויקלען אין א שווירינקייט; אונטערוואַרפען א גע־פאַהר; אנמאַכען צרות; פּלאָגען, קוועלען; צושמעטערען.

hat'ting *n.* (העט־אינג) הוט־מאַכעריי; הוט־מאַטעריאַלען.

hat'ti-sherif' *n.* (העט־אי־שע־ריף) א בעפעהל אדער דעקרעט פון טערקישען סולטאַן.

hat'-tree *n.* (העט־טריע) ז. ***hat-rack***

hat'-wire *n.* (העט־הוואַיר) הוט־דראָט [אזא זאָרט ווייכער דראָט פון וואָס עס ווערען געמאַכט הוט־פאָרמס].

hat'-wor'ship *n.* (העט־הוואָיר־שיפּ) ז. ***hat-honor***

hau'bergeon *n.* (האָה־בער־דזשאָן) אזא קורצער פּאַנצער.

Haubergeon

hau'berk *n.* (האָה־בוירק) א פּאַנצער־העמד.

haugh'tily *adv.* (האָה־טי־לי) מיט גאווה, מיט שטאָלץ; גדלות'דיג; העזה'דיג.

haugh'tiness *n.* (האָה־טי־נעס) שטאָלץ, גאווה; גדלות, העזה, עזות.

haugh'ty *a.* (האָה־טי) שטאָלץ; גאווה־דיג, העזה'דיג, גדלות'דיג.

haul *n. and v.* (האָהל) ציהען, שלעפּען; ענדערען די ריכטונג פון א שיף; זעגלען; א ציה, א שלעפּ; דער פיש־פאַנג וואָס א נעץ קען ארויסציהען; א מציאה, א פאַנג, א געפינס.

haul'about *n.* (האָהל־ע־באָוט) א באַר־זשע וואָס פיהרט קוילען פאַר שיפען.

hau'lage *n.* (האָה־לעדזש) די טראַנס־פּאָרט־קאָסטען פון בריינגען סחורות צו א שיף אדער פון אבנעהמען זיי פון שיף; דאָס טראַנספּאָרטירען סחורות צו אדער פון שיף.

haul down (האָהל דאַון) אראָבציהען, אראָבשלעפּען.

The janitor **hauled down** the flag from the school building.

hau'ler *n.* (האָה־לער) איינער וואָס ציהט אדער שלעפּט; אזא וועגטקע מיט מעהרערע האַטשיקעס צו פאַנגען פיש.

haul in with (האָהל אין הווידה) ווענ־דען די ריכטונג פון א שיף כדי צוצוקו־מען נעהנטער צו וואָס עס איז.

haulm *n.* (האָהם) דאָס שטענגעל פון געטריידע־פּלאַנצען; שטרוי.

haul off (האָהל אָף) אבווענדען די ריכ־טונג פון א שיף פון א געוויסען פּונקט אדער געגענשטאַנד; אוועקציהען, אוועק־שלעפּען; צוריקציהען [ווענען א בעווע־גונג, פּיאַן א. ד. ג.].

haul o'ver the coals (האהל או'-ווער טהי קאולז) גוט אויסזידלען.

haul round (אהל ראונד) זיך אויסדרעהען צו אן אנדער פונקט פון קאמפאס [װעגען ווינד אויף'ן ים].

haum *n.* (האהם) ז. ***haulm***

haunch *n.* (האנטש) ; דער דיך, די היפט ; דער אויבערשטער טייל פון פאלקע ; אין ארכיטעקטור — דער בויגען=שענקעל אדער דער מיטעלסטער טייל צווישען דעם העכסטען און נידריגסטען פונקט פון א געוועלב אדער ארקע.

haunch'-bone *n.* (האנטש'-באון) דער דיך=ביין, דער היפט=ביין.

haunched *a.* (האנטשט) וואס האט א דיך אדער היפט.

haunt *v. and n.* (האנט) צופיעל בעזוכען, זיין אן אפטער גאסט ; דערעסען מיט אפטע וויזיטען ; פערפאלגען מיט א שטענדיגען דערמאהנען וועגען זיך ; קומען שטענדיג אויף'ן געדאנק אדער אויף בעזוך [װעגען גייסטער פון פערשטארבענע]; א פלאץ וואס ווערט אפט בעזוכט ; אז ארט וואו א געוויסע זאך אדער אייגענשאפט ווערט אפט בעמערקט ; א רוח אדער גייסט, וועגען וועלכען מען גלויבט, אז ער בעזוכט אפט א געוויסען פלאץ.

haun'ted *a.* (האנ'-טעד) וואס ווערט אפט בעזוכט פון רוחות ; וואו עס קומען אפט גייסטער.

haun'ter *n.* (האנ'-טער) איינער וואס בעזוכט אפט א בעשטימטען ארט.

haun'ting *n.* (האנ'-טינג) די אפטע ערשיינונג אדער דער אפטער בעזוך פון גייסטער אדער רוחות.

hausse *n.* (האוס) דאס שרייפעל ביי א פיעדעל=סמיק [מיט וועלכען מען מאכט די האר אויף'ן סמיק שטייפער אדער לויזער].

haus'tellate *a.* (האהס'-טע-לייט) וואס האט א זויג=שטאכעל [װעגען אינזעקטען] און אנדערע בעשעפענישען ; וואס איז צוגעפאסט צום זויגען.

haustel'lous *a.* (האהס-טעל'-אס) ז. ***haustellate***

haustel'lum *n.* (האהס-טעל'-אם) דער זויג=שטאכעל [פון א אינזעקט און אנדערע בעשעפענישען].

haut'boy *n.* (האו'-באי) די האבאע [א מוזיקאלישער בלאז=אינסטרומענט, א מין קלארנעט]; א מין רויטע יאגדע עהנליך צו קלובניק אדער פאזעמקעס.

haut'boyist *n.* (האו'-באי-איסט) א שפיעלער אויף א האבאע. ז. ***hautboy***

hauteur' *n.* (האו-טויר') ז. ***haughtiness***

haut-gout' *n.* (האו-גוה') עטוואס מיט א שארפען געשמאק אדער מיט א שטארקען גערוך ; שטארק געפעקעלט, געפעפערט, געזאלצען א. ז. וו. ; הויכע פענסטער ; א רייך לעבען.

have *v.* (העוו) האבען, האלטען ; פערמאגען ; בעזיצען ; ענטהאלטען ; לאזען ; מוזען ; בעקומען.

have a brick in one's hat (העוו ע בריק אין הוואנז העט) זיין שכור.

have a care (העוו ע קעהר) ; זיך היטען ; אכטונג געבען ; פארזיכטיג זיין.

have a drink (העוו ע דרינק) מאכען לחיים.

have a hand in (העוו ע הענד אין) האבען א יד אין... ; האבען א חלק אין...
I expect to **have a hand in** the next convention of my party.

have a knack at (העוו ע נעק עט) זיין געשיקט אין עפעס, וויסען ריכטיג ווי צו טהאן.

have a look (העוו ע לוק) כאפען א קוק.

have an eye to (העוו ען אי טו) וואר=פען אן אויג אויף..., האבען חשק צו...

have an eye upon' (העוו ען אי א-פאן') ז. ***have an eye to***

have a pref'erence for (העוו ע פרעפ'-ע-רענס פאר) האבען א בעזונדערע ליעבע [צו עפעס].
Some people **have a preference for** the mountains as a place to spend their vacation.

have as lief (העוו עז ליעף) בעטראכטען עס אלס איין שווארץ=יאהר [ניט בעסער ניט ערגער].

have a smoke (העוו ע סמאוק) רויכערען, פעררויכערען.

have at stake (העוו עט סטייק) האבען אין קאן, האבען וואס צו פערלירען.

have done with (העוו דאן הוויטה) פארטיג, געענדיגט, גע'פטר'ט.
Let us **have done with** quarrels.

have faith (העוו פייטה) האבען צופערטרויען, האבען אמונה.

have half a mind (העוו האף ע מאינד) האבען א שטיקעל נייגונג, זיין עטוואס גענייגט צו עפעס.

have in hand (העוו אין הענד) האבען די מאכט ; אוחז ביד ; קאנטראלירען.
The manager **has** his plans well **in hand.**

have in hon'or (העוו אין אנ'-אר) האלטען בכבוד.

have i'rons in the fire (העוו אי'-ערנז אין טהי פאיר) זיין פערטהאן אין א בעשעפטיגונג, זיין אין אן אונטערנעהמונג.

have it out (העוו איט אוט) זיך גרינדליך דורכריידען, קומען צו אן ענדליכער פערשטענדיגונג, סוף כל סוף מושוה ווערען [נאך א גרינדליכער דיסקוסיאן].

have'lock *n.* (העוו'-לאק) אזא לאנגער ווייסער צודעק פאר א מיליטערישער היטעל וואס ווערט געטראגען אלס א שוץ געגען דער זון.

ha'ven *n. and v.* (היי'וון) ; א האפען ; א צופלוכטס=ארט, א שוץ=ארט, א זיכערהייטס=ארט ; זיך בעשיצען ווי אין א האפען.

ha'venage *n.* (היי'וונ-עדזש) האפען=אבצאהלונג.

ha'ven-mas'ter *n.* (היי'וונ-מעס'-טער) א האפען אויפזעהער.

have no use for (העוו נאו יוס פאר) 1. ניט צו געברויכען ; 2. פעראכטען ; ניט קענען ליידען.
1. I **have no use for** an umbrella. 2. I **have no use for** people of his kind.

have on (העוו אן) זיין אנגעטהאן, זיין אנגעקליידעט.

have one's eye on (העוו הוואנז אי אן) האבען אין זינען ; זיך אינטערעסירען.

have one's hand in (העוו הוואנז הענד אין) זיין בעטייליגט אדער פערנומען אין עטוואס ; זיין געשיקט אין וועלכער עס איז ארבייט.

have one's hands full (העוו הוואנז הענדז פול) זיין שטארק בעשעפטיגט ; האבען פיעל צו טהאן.

have on hand (העוו אן הענד) 1. האבען פערראט, האבען אויף לאגער ; 2. זיין אין עטוואס אריינגעטהאן ; זיין בעשעפטיגט מיט עטוואס.
1. The store **has on hand** a large supply of toys.

have pins and nee'dles in leg (העוו פינז ענד ניעדלז אין לעג) אבזיצען א פוס.

have place (העוו פליים) עקזיסטירען, שטאטפינדען.

hav'er *n.* (העוו'-ער) א בעזיצער.

have rath'er (העוו רעטה'-ער) וואלט בעסער געהאט ; וואלט בעסער געוואלט.

have recourse' (העוו רי-קאורס') זיך ווענדען ; נעהמען צופלוכט ; זיך האלטען.

have'rel *n. and a.* (הייוו'-רעל) א שוואצער, א נארישער פלוידערזאק ; דום, נאריש.

hav'ersack *n.* (העוו'-ער-סעק) דער פראוויאנט=זאק פון א סאלדאט.

Haver'sian *a.* (הע-וואיר'-זיען) וואס איז שייך צו אדער וואס איז ענטדעקט דורך קלאפטאן האווערס [א בעריהמטער ענגלישער אנאטאמיסט אין 17טען יאהרהונדערט, וועלכער האט אונטערזוכט די בלוט=געפעס אין ביינער].

Haver'sian canal' (הע-וואיר'-זיען קע-נעל') האווערס קאנאל [איינער פון די קאנאלען וואו די קליינע בלוט=אדערלעך געפינען זיך אין די ביינער].

have the bet'ter of (העוו טהי בעט'-ער אוו) האבען די אויבערהאנד.

have the face (העוו טהי פיים) האבען די חוצפה.
He **has** not **the face** to deny it.

have the up'per hand (העוו טהי אפ'-ער הענד) האבען די אויבערהאנד ; בעקומען די קאנטראלע איבער עטוואס.

have to (העוו טו) מוזען ; זיין געצוואונגען.
I shall **have to** change my plans.


heel'-post *n.* (היעל'-פאוסט) דער הינטערשטער שטענדער-באלקען פון א שטאל; דער באלקען וואס אונטערשטיצט די טרייב-שרויף פון א דאמפף-שיף; דאס ביישטידעל פון טהיר צו וועלכען די זאווייעסעס ווערען אנגעשלאגען.

heel'-seat *n.* (היעל'-סיעט) דער ארט פון א שוך וואו דער קנאפעל איז אנגעשלאגען.

heel'-shave *n.* (היעל'-שייוו) אזא געצייג ארומצושניידען און ארומצופוצען דעם קנאפעל פון א שוך.

heel'-tap *n.* (היעל'-טעפ) אן אבזאץ-בלעטעל אדער לעדערעל; דאס ביסעל משקה וואס בלייבט איבער אין גלעזעל נאך'ן טרינקען.

heel'tap *v.* (היעל'-טעפ) ארויפלעגען אבזאץ-בלעטלעך.

heel'-tip *n.* (היעל'-טיפ) א שטיקעל אייזען וואס ווערט צוגעשלאגען צו א קנאפעל ער זאל זיך אזוי גיך ניט אבטראגען.

heel'-trim'mer *n.* (היעל'-טרימ'-ער) א מאשין צום ארומפוצען קנאפעל.

heer *n.* (היער) א לענגען מאס פאר גארן [פאדים] פון 600 יארד.

heft *n. and v.* (העפט) א הענטעל, א גריעף, א שטיעל; געוויכט, שווערקייט; דער הויפט-פונקט אדער דער שווער-פונקט פון עפעס; גויט, א גויט-צושטאנד; א העפט צום שרייבען; פראבירען דאס געוויכט דורך אויפהויבען; אויפהויבען; אבוועגען.

hef'ty *a.* (העפ'-טי) געוויכטיג; וואס האט געוויכט; לייכט אויפצוהויבען.

Hege'lian *a. and n.* (הי-גי'-ליען) וואס איז שייך צו העגעל אדער צו זיין פילאזאפישער סיסטעם; וואס איז געגרינדעט פון העגעל; א העגעליאנער, אן אנהענגער פון דער העגעליאנישער פילאזאפיע אדער פון העגעל. ז. ***Hegelianism***.

Hege'lianism *n.* (הי-גי'-ליען-איזם) העגעליאניזם, די פילאזאפישע סיסטעם פון דעם דייטשען פילאזאף געארג ווילהעלם פרידריך העגעל [געבארען 1770, געשטארבען 1831]. דער הויפט-געדאנק פון העגעל'ס פילאזאפיע איז, אז אלעס וואס עקזיסטירט סאי אין דער מאטעריעלער, סאי אין דער גייסטיגער וועלט, איז אן ענטוויקלונג און אפענבארונג פון דעם אייביגען אבזאלוטען גייסט און אז אלעס קעהרט זיך אום צוריק צו דיעזען גייסט. דיעזער גייסט ווייזט זיך אלזא ארויס אין אנפאנג און אין דעם סוף פון דער ענטוויקלונג, וועלכע קומט פאר אויף א דיאלעקטישען שטייגער, וואס בעשטעהט פון דריי טיילען פון "זיין", "ניט זיין" און "ווערען" אדער פון א טעזיס [בעהויפטונג], אנטי-טעזיס [געגען-בעהויפטונג] און א סינטעזיס [א פעראייניגונג].

Hege'lianize *v.* (הי-גי'-ליען-איז) ווערען א העגעליאנער, ווערען אן אנהענגער פון העגעל'ס פילאזאפיע. ז. ***Hegelianism***.

He'gelism *n.* (היי'-געל-איזם) ז. ***Hegelianism***.

heg'emon *n.* (העדזש'-ע-מאן) א העגעמאן, א פיהרער, איינער אדער עפעס וואס האט די הויפט-מאכט אדער דעם הויפט פאליטישען איינפלוס [הויפטזעכליך ווענען א שטאאט].

hegemon'ic *a.* (הי-דזשי-מאנ'-איק) העגעמאניש, הערשענד, פיהרענד, וואס שפיעלט די הויפט-ראלע. ז. ***hegemony***.

hegemon'ical *a.* (הי-דזשי-מאנ'-אי-קעל) ז. ***hegemonic***.

he'gemony *n.* (הי'-דזשי-מא-ני) העגעמאניע, הערשאפט, איבערהערשאפט, פיהרערשאפט [הויפטזעכליך ווענען דעם פאליטישען איינפלוס, הערשאפט אדער פיהרערשאפט פון איין שטאאט בנוגע צו א צווייטען].

heg'ira *n.* (העדזש'-אי-רא) ז. ***hejira***.

he'-goat *n.* (הי'-גאוט) א באק.

hegu'men *n.* (הי-גיו'-מען) אן איגומען [א הויפט פון א מאנאסטיר].

hegu'mene *n.* (הי-גיו'-מע-ניע) די הויפט, די אויפזעהערין פון א מאנאסטיר.

hegu'meness *n.* (הי-גיו'-מע-נעס) ז. ***hegumene***.

hegu'menos *n.* (הי-גיו'-מע-נאס) ז. ***hegumen***.

heif'er *n.* (העפ'-ער) א קאלב, א טעליצע.

heigh *int.* (האי) היי! [א צורוף].

heigh'-ho *int.* (האי'-האו) אהו! אך! א! [אן אויסרוף פון פערוואונדערונג, איבערראשונג, ענטציקונג, מיעדקייט אדער לאנגווייליגקייט].

height *n.* (האיט) די הויך; הויכקייט; הויכע שטעלונג; פראמינענטקייט; דער העכסטער טייל, דער שפיץ; דער העכסטער גראד, די העכסטע שטופע; א הויכער פלאץ, א בארג.

heigh'ten *v.* (האי'-טן) העכערען, אויפהויבען; דערהויבען, מאכען ערהאבענער אדער פראמינענטער; ווערען העכער, גרעסער, ערהאבענער אדער פראמינענטער.

height of the sea'son (האיט אוו טהי סיע'זן) די סאמע סעזאן-צייט, דער סאמע ברען פון סעזאן.

hei'nous *a.* (היי'-נאס) אבשייליך, נידערטרעכטיג; אונגעהייער, שרעקליך.

hei'nously *adv.* (היי'-נאס-לי) אויף אן אבשייליכען, אבשטויסענדען אדער שרעקליכען שטייגער; אונגעהייער.

hei'nousness *n.* (היי'-נאס-נעס) אבשייליכקייט; אונגעהייערקייט; שווידערליכקייט.

heir *n. and v.* (עהר) א יורש; ירשנ'ען.

heir'-appar'ency *n.* (עהר'-ע-פעהר'-ענ-סי) דאס זיין א זיכערער יורש. ז. ***heir apparent***.

heir appar'ent (עהר ע-פעהר'-ענט) א זיכערער יורש [אין נעגענזאץ צו איינעם וואס קען פערלירען זיין רעכט אויף ירושה צוליעב דעם געבורט פון אן אנדער יורש].

heir at law (עהר עט לאה) דער געזעצליכער יורש, דער נאהנטסטער יורש.

heir'dom *n.* (עהר'-דאם) ערבשאפט; דאס זיין א יורש.

heir'ess *n.* (עהר'-עס) א יורש'טע.

heir'-land *n.* (עהר'-לענד) ירושה-לאנד.

heir'less *a.* (עהר'-לעס) אהן יורשים.

heir'loom *n.* (עהר'-לוהם) אלטע פאמיליען-זאכען [הויפטזעכליך קליינינקייטען וואס געהען איבער בירושה פון דור צו דור].

heir presump'tive (עהר פרי-זאמפ'-טיוו) א ניט-זיכערער יורש [איינער וואס קען פערלירען זיין רעכט אויף ירושה, ווען עס זאל געבוירען ווערען א נעהנטערער יורש].

heir'ship *n.* (עהר'-שיפ) ירושה-רעכט, ערבשאפט; דאס זיין א יורש.

hej'ira *n.* (העדזש'-אי-רא) דאס אנטלויפען; מאכמעד'ס אנטלויפען פון מעקא [דעם 16טען יולי 622 נאך דער קריסטליכער צייט-רעכנונג. פון דיעזען טאג הויבט זיך אן די מאכמעדאנישע צייט-רעכנונג]; די מאכמעדאנישע צייט-רעכנונג.

hek'togram *n.* (העק'-טא-גרעם) ז. ***hectogram***.

hek'tograph *n. and v.* (העק'-טא-גרעף) ז. ***hectograph***.

hel'coid *a.* (העל'-קאיד) ענליך צו א געשוויר; בעדעקט מיט געשווירען.

helcol'ogy *n.* (העל-קאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט געשווירען און אויפרייסונגען.

hel'coplasty *n.* (העל'-קא-פלעס-טי) דאס בעדעקען א געשוויר מיט פרעמדער הויט [אדער פון דעם קראנקען אליין אדער פון אן אנדער מענשען], אום ער זאל זיך גיכער פערהיילען.

held (העלד) געהאלטען. ז. ***hold***.

he'liac *a.* (הי'-לי-עק) ז. ***heliacal***

heli'acal *a.* (הי-לאי'-ע-קעל) וואס פערגעהט אדער געהט אויף כמעט אין איין צייט מיט דער זון [וועגען שטערען].

Helian'thus *n.* (הי-לי-ענ'-טהאס) דער מין זון=בלומען [אמעריקאנישע פלאנצען מיט געלבע אדער פורפורנע בלומען, וועלכע ניבען ארוים האניג און א געלבע פארב].

hel'ical *a.* (העל'-אי-קעל) עהנליך צו א ספיראלע, ווי א ספיראלע.

helic'iform *a.* (הי-ליס'-אי-פארם) ז. ***helical***

hel'icine *a.* (העל'-אי-סין) געדרעהט; ווי א ספיראלע; וואס איז שייך צום אויער=מושעל.

hel'icograph *n.* (העל'-אי-קא-גרעף) אן אינסטרומענט צו צייכענען ספיראל=ליניען.

hel'icoid *a.* (העל'-אי-קאיד) ווי א ספיראלע; געדרעהט, עהנליך צו א שרויף.

helicoi'dal *a.* (העל-אי-קאי'-דעל) ז. ***helicoid***

helicom'etry *n.* (העל-אי-קאמ'-ע-טרי) דאס צייכענען אדער מעסטען ספיראל=ליניען.

hel'icon *n.* (העל'-אי-קאן) א העליקאן [אזא מעשענער מוזיקאלישער בלאז=אינסטרומענט].

Helicon

helicop'ter *n.* (הי-לי-קאפ'-טער) א לופט=שיף וועלכע ווערט געהויבען פון א טרייב=שרויף.

heliocen'tric *a.* (הי-לי-א-סענ'-טריק) העליאצענטריש, וואס איז שייך צו דער זון אלס מיטעלפונקט [פון דער זונען=סיסטעם]; וואס איז שייך צו דער לאגע פון א שטערן בנוגע צו דער זון אדער ווען ער וואלט בעאבאכטעט געווארען פון דער זון.

heliocen'trical *a.* (הי-לי-א-סענ'-טרי-קעל) ז. ***heliocentric***

heliocentric'ity *n.* (הי-לי-א-סענ-טריס'-אי-טי) העליאצענטראליטעט: דאס זיין העליאצענטריש; דאס פערהעלטניס צו דער זון אלס צענטער אדער מיטעלפונקט. ז. ***heliocentric***

heliochro'mic *a.* (הי-לי-א-קראו'-מיק) העליאכראמיש, וואס איז שייך צו העליאכראמיע [די קונסט צו פאטאגראפירען אין נאטירליכע פארבען].

heliochro'moscope *n.* (הי-לי-א-קראו'-מא-סקאופ) א העליאכראמאסקאפ [אן אפאראט צו פאטאגראפירען אין נאטירליכע פארבען].

heliochro'motype *n.* (הי-לי-א-קראו'-מא-טאיפ) א העליאכראמיש בילד [פאטאגראפירט אין די נאטירליכע פארבען].

helioch'romy *n.* (הי-לי-אק'-רא-מי) העליאכראמיע [די קונסט צו פאטאגראפירען אין נאטירליכע פארבען].

heliochry'sin *n.* (הי-לי-א-קראי'-סין) זון=געלב [אזא מין אראנזש פארב].

heliocom'ete *n.* (הי-לי-א-קאמ'-אים) א העליאקאמעט [א ליכט=פאס נאך דעם זון=אונטערגאנג].

he'lio-engra'ving *n.* (הי'-לי-או-ענ-גריי'-ווינג) ז. ***photo-engraving***

he'liograph *n.* and *v.* (הי'-לי-א-גרעף) א העליאגראף, אן אפאראט צו געבען ליכט=סיגנאלען; אן אינסטרומענט צו פאטאגראפירען די זון; א בילד גענומען דורך א העליאגראף; א פאטאגראפיש בילד, א פאטאגראפיע; געבען סיגנאלען דורך א העליאגראף; פאטאגראפירען.

heliog'rapher *n.* (הי-לי-אג'-רע-פער) איינער וואס גיט סיגנאלען דורך א העליאגראף; איינער וואס פאטאגראפירט די זון, צייכענט א מאפע פון דער זון אדער בעשרייבט די זון; א פאטאגראף. ז. ***heliograph***

heliograph'ic *a.* (הי-לי-א-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו א העליאגראף [אן אינסטרומענט צו געבען ליכט=סיגנאלען אדער צו פאטאגראפירען די זון]; וואס איז שייך צו העליאגראפיע. ז. ***heliography***

heliograph'ical *a.* (הי-לי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***heliographic***

heliog'raphy *n.* (הי-לי-אג'-רע-פי) העליאגראפיע, דאס געבען ליכט=סיגנאלען [דורך א העליאגראף], די בעשרייבונג פון דער זון, דאס מאכען א מאפע פון דער זון; פאטאגראפיע. ז. ***heliograph***

heliogra'vure *n.* (הי-לי-א-גריי'-וויור) ז. ***photo-engraving***

he'lioid *a.* (הי'-לי-איד) עהנליך צו דער זון.

heliol'ater *n.* (הי-לי-אל'-ע-טער) א זון=פערגעטערער, איינער וואס דיענט צו דער זון.

heliol'atrous *a.* (הי-לי-אל'-ע-טראס) זון=פערגעטערענד, דיענענדיג צו דער זון.

heliol'atry *n.* (הי-לי-אל'-ע-טרי) זון=פערגעטערונג, דאס דיענען צו דער זון.

heliol'ogist *n.* (הי-לי-אל'-א-דזשיסט) א העליאלאגיסט, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט שטודירען די זון.

heliol'ogy *n.* (הי-לי-אל'-א-דזשי) העליאלאגיע, דער טייל פון אסטראנאמיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער זון.

heliom'eter *n.* (הי-לי-אמ'-ע-טער) א העליאמעטער, א זון=מעסטער [אזא אסטראנאמישער טעלעסקאפ].

helioph'ilous *a.* (הי-לי-אפ'-אי-לאס) וואס ווערט צוגעצויגען פון דער זון, וואס ווערט אויפגעלעבט אונטער דער ווירקונג פון די זון=שטראהלען.

heliopho'bia *n.* (הי-לי-א-פאו'-בי-א) א קראנקהאפטע מורא פאר זון=שיין.

heliopho'bic *a.* (הי-לי-א-פאו'-ביק) וואס האט מורא פאר דער זון=שיין, וואס מיידט אויס די זון=שיין.

he'lioscope *n.* (הי'-לי-א-סקאופ) א העליאסקאפ [א זון=גלאז, א זון=טעלעסקאפ].

helioscop'ic *a.* (הי-לי-א-סקאפ'-איק) וואס איז שייך צו א העליאסקאפ, וואס איז געמאכט מיט דער הילף פון א העליאסקאפ [א זון=גלאז, א זון=טעלעסקאפ].

heliospher'ical *a.* (הי-לי-א-ספער'-אי-קעל) קיילעכדיג ווי די זון.

he'liostat *n.* (הי'-לי-א-סטעט) א העליאסטאט [אן אינסטרומענט, וועלכער רעפלעקטירט די זון=שטראהלען אין איין בעשטימטער ריכטונג אין פערלויף פון גאנצען טאג].

he'liotrope *n.* (הי'-לי-א-טראופ) העליאטראפ [אזא פלאנצע]; העליאטראפ אדער דער גרינער כאלצעדאן [אזא מינעראל]; דער בלויליך=ראזעווער קאליר פון די העליאטראפ=פלאנצען; א העליאגראף [אן אינסטרומענט צו געבען ליכט=סיגנאלען]. ז. ***heliograph***

he'liotroper *n.* (הי'-לי-א-טראו-פער) איינער וואס געברויכט אדער איז בעשעפטיגט ביי א העליאגראף. ז. ***heliograph***

heliotrop'ic *a.* (הי-לי-א-טראפ'-איק) העליאטראפיש, זיך ווענדענדיג, זיך אומקעהרענדיג, זיך בויגענדיג צו דער זון [וועגען דער נייגונג פון פלאנצען זיך אויסצובויגען אין דער ריכטונג פון די זון=שטראהלען אדער אין דער געגענזייטיגער ריכטונג].

heliotrop'ical *a.* (הי-לי-א-טראפ'-אי-קעל) ז. ***heliotropic***

heliotrop'ically *adv.* (הי-לי-א-טראפ'-אי-קעל-אי) העליאטראפיש. ז. ***heliotropic***

heliot'ropism *n.* (הי-לי-אט'-רא-פיזם) העליאטראפיזם, די נייגונג פון פלאנצען זיך אויסצובויגען אין דער ריכטונג פון די זון=שטראהלען אדער אין דער פערקעהרטער ריכטונג.

he'liotropy *n.* (הי'-לי-א-טראו-פי) ז. ***heliotropism***

he'liotype *n.*, *a.* and *v.* (הי'-לי-א-טאיפ) א ליכט=דרוק בילד; דאס מאכען ליכט=דרוק בילדער; וואס איז שייך צו ליכט=דרוק; מאכען א בילד דורך ליכט=דרוק. ז. ***heliotypy***

heliotyp'ic *a.* (הי-לי-א-טיפ'-איק) וואס איז שייך צו ליכט=דרוק.

heliotypog'raphy *n.* (הי-לי-א-טאי-פאג'-רע-פי) ליכט=דרוק; פאטא=גראווירונג.

he'liotypy *n.* (הי'-לי-א-טאי-פי) ליכט=דרוק [א געוויסער פאטאגראפישער פראצעס צו מאכען פאטאגראפישע פלאטען פון וועלכע מען קען דירעקט דרוקען בילדער].

helispher'ic *a.* (העל-אי-ספער'-איק) ווי א ספיראלע, ספיראל=פערמיג.

helispher'ical *a.* (העל-אי-ספער'-אי-קעל) ז. ***helispheric***

helispher'ical line (העל-אי-ספער'-אי-קעל לאין) די ליניע, וועלכע א שיף פאהרט דורך, ווען זי געהט שרעג צום עקוואטאר האלטענדיג זיך ביי א פעסטען פונקט פון קאמפאס און שניידענדיג אלע מערידיאנען אונטער א גלייכען ווינקעל. דיעזע ליניע איז עהנליך צו א ספיראלע. פאהרענדיג מיט דיעזער ליניע, קומט די שיף אלץ נעהנטער צום ערד=פאל, אבער זי עררייכט איהם קיינמאל ניט.

he'lium *n.* (הי'-לי-אם) העליום [א כעמישער גרונד=עלעמענט, וועלכען מען האט פריהער ענטדעקט אין דער זון און שפעטער אויך אויסגעפונען אויף דער ערד].

he'lix *n.* (הי'-ליקס) א ספיראל=ליניע; א שרויפען=ארטיגע ליניע; אין ארכיטעקטור — א ספיראל=ארטיגע פערציערונג; דער אויסערער ראנד פון אויער.

He'lix *n.* (הי'-ליקס) אזעלכע מאלוסקעל=טהיערע וועלכע ליעגען אין ספיראל=פערמיגע מושלען.

he'll אן אבקירצונג פון די ווערטער ***he will*** אדער ***he shall***

hell *n.* (העל) די העל, דער גיהנם; די פינסטערע בייזע כוחות; א גיהנם=אבגרונד; א הויז וואו מען שפיעלט אין

אזארטנע שפיעלען; א פלאץ וואו מען ווארפט אוועק אבפאל.

hell′bender *n.* (העל′-בענ-דער) אן אמעריקאנער סאלאמאנדער=עהנליכע חיה וואס לעבט אין וואסער און אויף דער יבשה. געפינט זיך געוועהנליך אין די טאלען פון שטאאט אהאיא; א וויסטע הוליאנקע, א טרינקעניש און א זויפעניש.



Hellbender

hell′-bent′ *a.* (העל′-בענט′) ענטשלא=סען; ניט קוקענדיג אויף אלע געפאהרען.

hell′-black *a.* (העל′-בלעק) שווארץ ווי דער טייוועל.

hell′-born *a.* (העל′-בארן) געבארען אין דער העל; פון דער העל.

hell′-broth *n.* (העל′-בראטה) א טיי=וועלשער אדער פערכשופ′טער געטראנק.

hell′-cat *n.* (העל′-קעט) א מכשפה.

hell′-di′ver *n.* (העל′-דאי′-ווער) די גרעבע אדער גאגארא. ז. ***grebe***

hell′-doomed *a.* (העל′-דוהמד) פער′=משפט צום גיהנם.

hel′lebore *n.* (העל′-ע-באור) טשעמעריצע אדער העלעבארוס=פלאנצע [אזא פלאנצע וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין. אין גרעסערע דאזען רופט זי ארויס מאגען=ענטצינדונג, ברעכען, קרעמפף, קאנוואול=סיאנען, וועלכע ענדיגען זיך אפט מיט′ן טויט]; די ניעס=ווארצעל [אזא פלאנצע וואס איהר פולווער ווערט בענוצט צו פער=ניכטען אינזעקטען].

Hellebore

Hel′lene *n.* (העל′-איןְ) א גריך, א העלען.

Helle′nian *a.* (הע-לי′-ני-ען) ז. ***Hellenic***

Hellen′ic *a.* (הע-לענ′-איק) גריכיש; וואס איז שייך צו די גריכען.

Hellen′ically *adv.* (הע-לענ′-אי-קעל-אי) אויף א גריכישען אופן; אין בעצוג צום העלעניזם. ז. ***Hellenism***

Hellen′icism *n.* (הע-לענ′-אי-סיזם) גריכישער כאראקטער, גריכישע אייגענ=שאפט אדער סטיל [פון די אלטע גריי=כען].

Hel′lenism *n.* (העל′-ענ-איזם) העלע=ניזם, די גריכישע שפראך=אייגענטימליכ=קייטען; גריכישע אויסדריקע, זיטען, אי=דעען און מנהגים; גריכענטום, דער גייסט און דער כאראקטער פון דער אמאליגער גריכישער ראסע.

Hel′lenist *n.* (העל′-ענ-איסט) א העלע=ניסט, א איד וואס האט אנגענומען די גריכישע זיטען און שפראך [אין די ציי=טען פון אלט=גריכענלאנד]; א קענער אין דער קלאסישער גריכישער שפראך און לי=טעראטור; אן אנהענגער אדער פערשפריי=טער פון דער גריכישער קולטור.

Hellenis′tic *a.* (העל-ע-נים′-טיק) הע=לעניסטיש, גריכיש; וואס איז געמישט פון גריכיש מיט אנדערע פרעמדע עלעמענ=טען.

Hellenis′tical *a.* (העל-ע-נים′-טי-קעל) ז. ***Hellenistic***

Hellenis′tically *adv.* (העל-ע-נים′-טי-קעל-אי) אויף א העלעניסטישען אופן.

Hellenis′tic di′alect (העל-ע-נים′-טיק דאי′-ע-לעקט) גריכיש וואס ענטהאלט אין זיך העברעאישע און אראמעאישע ווערטער און אויסדריקע, ווי די שפראך פון דער סעפטואגינטע [די בעוואוסטע גריכישע איבערזעצונג פון תנ״ך, וועלכע איז בעקאנט מיט דעם נאמען תרגום השבעים].

Helleniza′tion *n.* (העל-ענ-אי-זיי′-שאן) דאס העלעניזירען זיך, דאס אננעה=מען זיך מיט העלעניסטישע [גריכישע] אידעען און זיטען.

Hel′lenize *v.* (העל′-ענ-איז) העלעניזי=רען, מאכען פאר א גריך; זיך אנפאסען צו גריכישע זיטען און מנהגים; זיך ער=ציהען אין גריכישען גייסט און קולטור; געברויכען די גריכישע שפראך [קלאסי=שער גריכיש].

hel′ler *n.* (העל′-ער) א העלער [אן עסטרייך=אונגארישע קופערנע קליינע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך א פינפטעל אמעריקאנער סענט; אן אלטע דייטשע מטבע].

Hel′lespontine *a.* (העל′-עס-פאנ-טין) וואס איז שייך צום העלעספאנט [די דאר=דאנעלען, דער ים=וועג וואס טיילט אב איירָאפא פון אזיען און וועלכער פעראיי=ניגט דעם עגעאישען ים מיט דעם מאר=מארישען].

hell′-fire *n.* (העל′-פאיר) דאס פייער פון גיהנם; די מאטערנישען פון גיהנם.

hell′-gate *n.* (העל′-גייט) דער טויער פון גיהנם.

hell′grammite *n.* (העל′-גרע-מאיט) די לארווא [דאס ווערימעל פון וועלכען אן אינזעקט ענטוויקעלט זיך] פון א געוויסען אינזעקט, וועלכע ווערט געברויכט אנצו=שטעכען אויף′ן האטשיק צו כאפען פיש.

hell′-hag *n.* (העל′-העג) אן אלטע ארורה, אן אלטע מכשפה.

hell′-ha′ted *a.* (העל′-היי′-טעד) פער=האסט ווי דער גיהנם.

hell′-haun′ted *a.* (העל′-האנ′-טעד) פערפאלגט פון א בייזען גייסט.

hell′-hound *n.* (העל′-האונד) א גיהנם=הונד; א טייוועלשע פערזאן.

hel′licat *a. and n.* (העל′-אי-קעט) לייכטזיניג, אונבעזאנען; פוסט=קעפיג, ניט איבערגעשפיצט; א גאטלאזע, טיי=וועלשע, פערדארבענע בעשעפעניש.

hell′ish *a.* (העל′-איש) העליש, בייזאר=טיג, טייוועלש; ווי א גיהנם.

hell′ishly *adv.* (העל′-איש-לי) אויף א העלישען, טייוועלשען אדער בייזארטיגען אופן.

hell′ishness *n.* (העל′-איש-נעס) העלי=שע, טייוועלשע פערדארבענהייט.

hell′-kite *n.* (העל′-קאיט) א גיהנם=בעשעפעניש; א טייוועלשע בייזע פערזאן.

hello′ *int.* (הע-לאו′) העלאו! [אן אויס=רופונגס=ווארט, וואס ווערט געברויכט צו ציהען אימעצענס אויפמערקזאמקייט; א בעגריסונגס=צורוף].

hell′ward *adv.* (העל′-הווארד) צום גיהנם צו.

hell′wards *adv.* (העל′-הווארדז) ז. ***hellward***

helm *n. and v.* (העלם) א העלם, א פאנצער=היטעל; דאס הענטעל פון א שטיי=ער=רודער; א שטייער=רודער; א שטייער=ראד; פערוואלטונגס=פלאץ, דירעקציאנס=פאסטען; א שווארצער שווערער וואלקען וועלכער זעהט זיך איבער דעם שפיץ פון א בארג פאר א שטורם, ווערהענד דער הימעל ארום איז קלאר; אנטהאן א העלם.

helm′-cloud *n.* (העלמ′-קלאוד) א שווארצער, שווערער וואלקען, וועלכער זעהט זיך אויף דעם שפיץ פון א בארג פאר א שטורם ווערהענד דער הימעל ארום איז קלאר.

hel′met *n.* (העל′-מעט) א העלם, א פאנצער=היטעל; א שטייפער הוט, אפט=מאל פון לעדער, אין דער פארם פון א העלם [ווי עס טראגען אין איינינע לענ=דער פאליציסטען, פייער=לעשער א. ז. וו.]; א העלם=פערמיג היטעלע ביי געווי=סע בליהונגען פון פלאנצען.

Helmets

hel′meted *a.* (העל′-מעט-עד) וואס טראגט א העלם אדער א פאנצער=היטעל; אנגעטהאן אין א העלם.

hel′met-flow′er *n.* (העל′-מעט-פלאו′-ער) דער שטורם=הוט [אזא העלם=עהנליכע פלאנצע].

hel′met-quail *n.* (העל′-מעט-קהוויל) די העלם=וואכטעל [אזא פויגעל, ווערט אזוי גערופען צוליעב דעם טשוב, וואס דערמאהנט אן א העלם]. ז. ***quail***

hel′met-shaped *a.* (העל′-מעט-שייפט) העלם=פערמיג, וואס האט די פארם פון א העלם אדער פון א פאנצער=היטעל.

hel′minth *n.* (העל′-מינטה) א ווארים; דער אינגעווייד=ווארים אדער פאראזיטען=ווארים [א ווארים וואס געפינט זיך אין די געדערים פון מענשען].

helminthagog′ic *a.* (העל-מינ-טהע-גאדזש′-איק) וואס האט די אייגענשאפטען

אבצוטרייבען ווערים [ווענען א מעדיציין].

helmin'thagogue *n.* (העל-מינ'-טהע-גאג) א מעדיצינישער מיטעל צום אבטרייבען ווערים.

Helmin'thes *n.* (העל-מינ'-טהיז) די אינגעווייד אדער פאראזיטען-ווערים [דער מין ווערים וואס געפינט זיך אין די געדערים פון מענשען].

helmin'thic *a. and n.* (העל-מינ'-טהיק) וואס טרייבט אב ווערים; וואס געהערט צו ווערים; א מעדיצינישער מיטעל צום אבטרייבען ווערים.

helminthＯlog'ic *a.* (העל-מין-טהא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו העלמינטאלאגיע [דער טייל פון נאטור-געשיכטע וואס פערנעהמט זיך מיט דער אויספארשונג פון ווערים, בעזאנדערם פון אינגעווייד-ווערים].

helminthＯlog'ical *a.* (העל-מינ-טהא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *helminthologic*

helminthol'ogist *n.* (העל-מין-טהאל'-א-דזשיסט) א העלמינטהאלאג, א קענער פון העלמינטהאלאגיע.

ז. *helminthology*

helminthol'ogy *n.* (העל-מין-טהאל'-א-דזשי) העלמינטהאלאגיע [דער טייל פון נאטור-געשיכטע וואס פערנעהמט זיך מיט דער אויספארשונג פון ווערים, בעזאנדערם פון די אינגעווייד-ווערים]

helm'less *a.* (העלמ'-לעס) אהן א שטייער-רודער; אהן א העלם אדער פאנצער-היטעל.

helm'-port *n.* (העלמ'-פאורט) דאס לאך פון א שיף דורך וועלכען עס געהט דורך דער שטייער-רודער.

helms'man *n.* (העלמז'-מען) א שטייער-מאן [דער וואס שטעהט ביים שטייער פון א שיף].

helo'sis *n.* (הי-לאו'-סיס) א פערדרעהונג פון די אויגען-לעדלעך; ספאזמעס פון די אויגען-מוסקולען.

He'lot *n.* (הי'-לאט) א העלאט, א ספארטאנישער שקלאף; א שקלאף.

He'lotism *n.* (הי'-לאט-איזם) די ספארטאנישע שקלאפעריי; שקלאפעריי, לייב-אייגענשאפט.

help *v. and n.* (העלפ) מיטהעלפען; פערלייכטערען [וועהטאג, קראנקהייט א. ד. ג.]; אויסבעסערען, געפינען א מיטעל צו...; אויסמיידען, צוריקהאלטען; אויסטיילען; אויסטיילען שפייז אדער בעדינען ביים טיש; הילף; א פערלייכטערונגס אדער פערבעסערונגס-מיטעל; אן ארויסהעלפער; א געהילף; א דינער, אן ארבייטער.

help'-ale *n.* (העלפ'-אייל) א הוליאנקע פאר שכנים נאכדעם ווי זיי האבען ארויסגעהאלפען ביי א געוויסער ארבייט.

help down (העלפ דאון) העלפען ארונטערצוקומען, ארונטערשטופען; בייטראגען, מיטהעלפען צום אונטערגאנג אדער צום זינקען.

hel'per *n.* (העל'-פער) א העלפער, א געהילף.

hel'per-on *n.* (העל'-פער-און) אן אונטערהעלפער.

help for'ward (העלפ פאר'-הווארד) אונטערהעלפען, העלפען שטייגען, העלפען געהן פאראווערטס.

help'ful *a.* (העלפ'-פול) בעהילפליך, הילף-רייך, דיענליך, ניצליך, היילזאם.

help'fully *adv.* (העלפ'-פול-אי) בעהילפליך, ניצליך, היילזאם.

help'fulness *n.* (העלפ'-פול-נעס) הילף, בעהילפליכקייט, ניצליכקייט.

hel'ping *a. and n.* (העל'-פינג) העלפענד; דאס העלפען, הילף; א פארציע [שפייז אדער משקה].

hel'ping hand (העל'-פינג הענד) שטיצע, אונטערשטיצונג; אן ארויסהעלפער, א געהילף.

help'less *a.* (העלפ'-לעס) הילפלאז; שוואך; וואס מען קען ניט העלפען, וואס מען קען געגען דעם קיין מיטעל ניט געפינען.

help'lessly *adv.* (העלפ'-לעס-לי) אהן הילף; הילפלאז.

help'lessness *n.* (העלפ'-לעס-נעס) הילפלאזיגקייט.

help'mate *n.* (העלפ'-מייט) א געהילף; א מיטהעלפער; א חבר; א שותף; א פרוי.

help'meet *n.* (העלפ'-מיעט) ז. *helpmate*

help off (העלפ אף) העלפען פטור ווערען פון עפעס.

help on (העלפ אן) [צו געהן] מיטהעלפען [צו געהן פאראווערטס].

help out (העלפ אוט) ארויסהעלפען, מיטהעלפען.

help o'ver (העלפ או'-ווער) העלפען איבערקומען עפעס.

help to (העלפ טו) העלפען עפעס דערגרייכען; דערלאנגען עפעס, בעדיענען.

help up (העלפ אפ) אונטערשטיצען, אויפהייבען.

help yourself' (העלפ יור-סעלף') זארג אליין פאר זיך; נעהמט אייך אליין, בעדיענט זיך אליין.

hel'ter-skel'ter *adv., a. and n.* (העל'-טער-סקעל'-טער) אין בייזער איילעניש, אהן אן ארדנונג, אבי-ווי; געטהאן אין איילעניש, אין טומלעניש, ווי-ניט-איז; טומלעניש, איילעניש.

helve *n. and v.* (העלוו) א הענטעל [פון א האק, האמער א. ד. ג.]; א שטיעל; צומאכען א הענטעל אדער שטיעל.

helve'-ham'mer *n.* (העלוו'-העמ'-ער) א גרויסער שמיעד-האמער.

hel'ver *n.* (העל'-ווער) דאס הענטעל אדער שטיעל [פון אן אינסטרומענט וואס ווערט געברויכט אין שאכטען].

Helve'tian *a. and n.* (העל-ווי'-שען) העלוועטיש, וואס איז שייך צו די אמאליגע העלוועציער, וועלכע האבען זיך געפונען אין דער איצטיגער שווייץ; וואס איז שייך צו דער שווייץ; שווייצעריש; אן העלוועציער, א שווייצער.

Helvet'ic *a.* (העל-וועט'-איק) העלוועטיש, שווייצעריש. ז. *Helvetian*

hel'vin *n.* (העל'-ווין) א געלבליכער מינעראל.

hel'vite *n.* (העל'-וואיט) ז. *helvin*

hel'volous *a.* (העל'-ווא-לאס) טונקעלגרוי; רויטליך-געלב.

hem *n., v. and int.* (העם) א זוים, א ברעג, א ראנד; אן איינפאסונג; זוימען, מאכען א ברעג אדער ראנד; איינפאסען; ארויסברייננגען דעם קלאנג "הם"; וועקהוסטען; הם! [דריקט אויס צעגערונג אין ריידען].

hem'achate *n.* (העמ'-ע-קייט) דער בלוט-אכאט [אזא אגאט-שטיין מיט רויטע פלעקען].

hem'achrome *n.* (העמ'-ע-קראום) דער בלוט-פארב-שטאף [דער פערבענדיגער טייל פון בלוט וואס גיט דעם בלוט צו א רויטען קאליר].

hemachro'sis *n.* (העמ-ע-קראו'-סיס) די רויטקייט פון דעם בלוט.

hemacytom'eter *n.* (העמ-ע-סאי-טאמ'-ע-טער) אן אפאראט צו צעהלען די בלוט-קיילעכלעך אין בלוט.

hemadrom'ograph *n.* (העמ-ע-דראמ'-א-גרעף) אן אינסטרומענט וועלכער בעצייכענט אויטאמאטיש די ענדערונגען אין דער שנעלקייט פון דעם בלוט [אין די אדערען].

hemadromom'eter *n.* (העמ-ע-דרא-מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די שנעלקייט פון דעם בלוט אין די אדערען.

hemadynamom'eter *n.* (העמ-ע-דאי-נע-מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם בלוט-דרוק אין די אדערען.

hem'agogue *n.* (העמ'-ע-גאג) א מעדיצינישער מיטעל ארויסצורופען בלוט-פלוס ביי מענסטרואציעס [מאנאטליכע בלוט-ריינינגונג ביי פרויען] אדער ביי מערידען.

he'mal *a.* (היע'-מעל) עהנליך צו בלוט; בלוטיג; וואס האט א שייכות צום בלוט, צו דער בלוט-צירקולאציאן אדער צו די בלוט-ארטעריען; וואס געפינט זיך אין דעם טייל פון קערפער וואו עס געפינט זיך דאס הארץ.

hem and haw (העם ענד האו) זיך דרעהען אהין און אהער, ניט ארויסזאגען אפען, שטאמלען, הם'קען.
Don't hem and haw. Give me a direct answer.

hemastat'ic *a. and n.* (העמ-ע-סטעט'-איק) וואס פערהאלט א בלוט-פלוס; א מעדיצין וואס פערהאלט א בלוט-פלוס.

hematachom'eter *n.* (העמ-ע-טע-קאמ'-ע-טער) אן אפאראט צו מעסטען די שנעלקייט פון דעם בלוט-פלוס.

hematangion'osus *n.* (העמ-ע-טענ-דזשי-אנ'-א-סאס) א קראנקהייט פון די בלוט-ארטעריען.

hematem'esis *n.* (העמ-ע-טעמ'-ע-סיס) דאס ברעכען מיט בלוט.

hem'atherm *n.* (העמ'-ע-טהוירם) א חיה וואס האט ווארעם בלוט.

hemat'ic *a. and n.* (הי-מעט'-איק) וואס איז שייך צום בלוט; בלוטיג; וואס היילט אדער פערבעסערט דאס בלוט; א היילמיטעל פאר דעם בלוט.

hemat'ics *n.* (הי-מעט'-איקס) דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן בלוט.

hem'atite *n.* (העמ'-ע-טאיט) נאטירליכער רויטער אייזען-ראסט אדער בלוט-שטיין [א זעהר ווערטהפאלער אייזען-ערץ].

hematit'ic *a.* (העמ-ע-טיט'-איק) בלוט-רויט; עהנליך צום בלוט-שטיין. ז. *hematite*

hem'atocele *n.* (העמ'-ע-טא-סיל) א בלוט-געשוויר.

hem'atoid *a.* (העמ'-ע-טאיד) בלוטיג, עהנליך צו בלוט.

hematol'ogy *n.* (העמ-ע-טאל'-א-דזשי) העמאטאלאגיע, די לעהרע וועגען בלוט [וועגען דער אויסבילדונג, פונקציאנען, און קראנקהייטען פון בלוט].

hemato'sis *n.* (העמ-ע-טאו'-סיס) די אויסבילדונג פון בלוט, די פערוואנדלונג פון וועגען-בלוט [אויסגענוצט בלוט] אין ארטעריען-בלוט [פריש בלוט].

hemeralo'pia *n.* (העמ-ער-ע-לאו'-פי-א) נאכט-בלינדקייט אדער היהנער-בלינדקייט [א מין אויגען-קראנקהייט, ווען דער

מענש זעהט נוט ביי טאג, אבער ער זעהט זעהר שלעכט אדער גאר ניט אין אבענד און בכלל אין א טונקעלער שיין]; טאג־בלינדקייט [ווען מען זעהט אם בעסטען ביי קינסטליכער ליכט אדער אין האלב־טונקעלהייט].

hemerobap'tism *n.* (העמ-ע-רא-בעפ'-טיזם) דאס טובל זיין זיך יעדען טאג [ווי עס איז געווען דער מנהג ביי געוויסע אידישע און קריסטליכע סעקטען].

hemerol'ogy *n.* (העמ-ע-ראל'-א-דזשי) העמעראלאגיע, די וויסענשאפט אדער קונסט פון צוזאמענשטעלען א לוח.

hemiablep'sia *n.* (העמ-אי-ע-בלעפ'-סי-א) ז. ***hemianopsia***

hemianop'sia *n.* (העמ-אי-ע-נאפ'-סי-א) א מין בלינדקייט פון איינעם אדער ביידע אויגען, ווען מען זעהט נור א טייל פון דער זאך, איהר רעכטע אדער לינקע זייט.

hemicra'nia *n.* (העמ-אי-קריי'-ני-א) א קאפ־שמערץ ווען עס פיהלט זיך א וועהטאג נור אין איין העלפט פון קאפ, א מיגרען.

hem'icycle *n.* (העמ'-אי-סאיקל) א האל־בער צירקעל, א האלבער קרייז; אן אמפיטעאטער, א צימער אדער זאל, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט שטוהלען אדער ביינק אין האלב־רונדע צייל[ען].

hemi'na *n.* (הי-מאי'-נא) די העמינא, א מאס פאר פליסיגקייטען ביי די אלטע רוימער [האט ענטהאלטען ארום א פיערטעל קווארט].

hemio'pia *n.* (העמ-אי-או'-פי-א) ז. ***hemianopsia***

hemiop'sia *n.* (העמ-אי-אפ'-סי-א) ז. ***hemianopsia***

hem'iopsy *n.* (העמ'-אי אפ-סי) ז. ***hemianopsia***

hemiple'gia *n.* (העמ-אי-פלי'-דזשי-א) א פאראליז פון א האלבען טייל פון קערפער.

hem'iplegy *n.* (העמ'-אי-פלי-דזשי) ז. ***hemiplegia***

Hemip'tera *n.* (הי-מיפ'-טע-רא) די העמיפטערען אדער האלב־פליגעלדיגע [דער קלאס אינזעקטען פאראזיטען, ביי וועלכע דאס מויל איז געבויט צו זויגען דעם זאפט אדער בלוט פון אנדערע בעשעפענישען, ווי וואנצען, לייז א. ד. ג.].

hem'isphere *n.** (העמ'-אי-ספיר) די העמיספערע, דער האלב־קוגעל; א העלפט פון דעם ערד־קוגעל; א לאנד־קארט אדער א צייכנונג פון א העלפט פון ערד־קוגעל.

hemispher'ic *a.* (העמ-אי-ספער'-איק) העמיספעריש, אין דער פארם פון א האלב־קוגעל.

hemispher'ical *a.* (העמ-אי-ספער'-אי-קעל) ז. ***hemispheric***

hem'istich *n.* (העמ'-אי-סטיק) אין דיכטונג — דער האלב־פערז; א האלבע שורה פון א געדיכט.

hem'itone *n.* (העמ'-אי-טאון) אין מוזיק — א האלבער טאן.

hem'itropal *a. and n.* (העמ'-אי-טראו-פעל) האלב אויסגעדרעהט אדער אויסגעבויגען; עטוואס וואס איז האלב אויסגעדרעהט אדער אויסגעבויגען.

hemit'ropous *a.* (הי-מיט'-רא-פאס) ז. ***hemitropal***

hemityp'ic *a.* (העמ-אי-טיפ'-איק) אין זאאלאגיע — האלב־טיפיש, וואס האט אייגענשאפטען פון צוויי אדער מעהרערע מינים.

hem'lock *n.* (העמ'-לאק) דער העמלאק [א מין פלאנצע מיט ווייסע בלימעלעך וואס וואקסט אין זומפיגע ערטער. דער זאפט פון דיעזער פלאנצע איז זעהר גיפטיג און מיט איהם פלעגט מען אין אלט־גריכענלאנד פער'סמ'ען מענשען וואס זיינען פערורטיילט געווארען צום טויט. ווערט געברויכט אין מעדיצין]; אן אמעריקאנער טאנענבוים. ז. ***hemlock-spruce***

Hemlock

hem'lock-spruce *n.* (העמ'-לאק-ספרוהס) אן אמעריקאנער טאנענבוים, ביי וועלכען די צווייגען און בלעטער זיינען עהנליך צו א העמלאק־פלאנצע. די קארע פון דיעזען בוים ווערט געברויכט אין גארבען פעל.

hem'lock-tree *n.* (העמ'-לאק-טריע) ז. ***hemlock-spruce***

he'moid *a.* (הי'-מאיד) וואס האט דעם אויסזעהן פון בלוט.

hemop'tysis *n.* (הי-מאפ'-טי-סיס) דאס כראקען אדער שפייען מיט בלוט.

hem'orrhage *n.* (העמ'-א-רעדזש) בלוט־פלוס, פליסונג פון בלוט [פון אן אינערליכער אדער אויסערליכער וואונד].

hem'orrhagy *n.* (העמ'-א-ריי-דזשי) ז. ***hemorrhage***

hemorrhoi'dal *a.* (העמ-א-ראי'-דעל) וואס געהערט צו העמארידען [מערידען].

hem'orrhoids *n.* (העמ'-א-ראידז) העמארידען [מערידען].

hemostat'ic *a. and n.* (העמ-א-סטעט'-איק) בלוט־שטילענד; וואס האלט איין א בלוט־פלוס; א מיטעל איינצוהאלטען א בלוט־פלוס.

hemp *n.* (העמפ) האנף, קאנאפליע.

Hemp

hemp'-ag'rimony *n.* (העמפ'-עג'-רי-מא-ני) וואסערדאסטען [א מין גראז מיט רויטליכע בלימעלעך].

hemp'-brake *n.* (העמפ'-בריק) א' מאשין אויסצוקלאפען פלאקס פון האנף אדער קאנאפליע.

hemp'-comb *n.* (העמפ'-קאום) א האנף־קאם.

hem'pen *a.* (העמ'פן) פון האנף, פון קאנאפליע.

hem'pen col'lar (העמ'פן קאל'-ער) דער שלייף פון א תליה־שטריק, א שטריק אויפ'ן האלז.

hem'pen cravat' (העמ'פן קרע-וועט') ז. ***hempen collar***

hem'pen wid'ow (העמ'פן הוויד'-או) די אלמנה פון א געהאנגענעם.

hemp'-field *n.* (העמפ'-פיעלד) א האנף־פעלד, א פעלד פון קאנאפליע.

hemp'-oil *n.* (העמפ'-איל) האנף־אויל, קאנאפליע־אויל.

hemp'-palm *n.* (העמפ'-פאהם) די האנף־פאלמע [אזא קליין פאלמען־בוימעל אין די לענדער ביים מיטעללענדישען ים, אין כינא און יאפאן].

hemp'-seed *n.* (העמפ'-סיעד) האנף־זאמען, קאנאפליע־זאמען.

hemp'-tree *n.* (העמפ'-טריע) ז. ***hemp-palm***

hen *n.* (הען) א הוהן; א "זי" פון פויגלען; א מין מאלוסקעל [פון די ווייכע ים־חיה'לעך].

hen'bane *n.* (הענ'-ביין) בילזען־קרויט [א גיפטיגע פלאנצע מיט א שטארקען גערוך, וואס וואקסט אין חורבות און אויף מיסט. ווערט בענוצט אין מעדיצין אלס א מיטעל איינצושטילען א וועהטאג].

Henbane

hen'-bird *n.* (הענ'-בוירד) א "זי" פון פויגלען.

hen'-blind'ness *n.* (הענ'-בלאינד'-נעס) היהנער־בלינדקייט, נאכט־בלינדקייט [אן אויגען־קראנקהייט, ווען דער מענש זעהט ניט אין א טונקעלער שיין].

hence *adv.* (הענס) פון דאנען; פון איצט אן און ווייטער; דעריבער, פאלגליך, אויס דיעזען גרונד; פון דיעזען קוואל אדער אורשפרונג.

hence'-depar'ture *n.* (הענס'-די-פאר'-טשור) דאס פערלאזען; שיידונג.

hence'forth' *adv.* (הענס'-פאורטה') פון יעצט אן און ווייטער.

hence'for'ward *adv.* (הענס'-פאר'-הווארד) ז. ***henceforth***

hence'-go'ing *n.* (הענס'-גאו'-אינג) ז. ***hence-departure***

hence it fol'lows (הענס איט פאל'-אוז) דערפון איז געדרונגען.

hence it is that (הענס איט איז טהעט) דערפון קומט עס, אז...

hench'man *n.* (הענטש'-מען) א דיענער,

א פאזש [אן ארעליגער דיענער פון א קעניג]: אן אנהענגער, אן אבהענגיגער.

hen'-coop *n.* (הענ' קוהפ) א היהנער־שטייג, א היהנער־הויז, א היהנער־שטאל.

hendec'agon *n.* (הענ-דעק'-ע-גאן) אן עלף־ווינקעלדיגע געאמעטרישע פיגור

hendecag'onal *a.* (הענ-דע-קעג'-א-נעל) וואס בעשטעהט פון עלף זייטען, עלף־ווינקעלדיג [וועגען געאמעטרישע פיגורען].

hendecahe'dron *n.* (הענ-דעק-ע-הי'-דראן) אן עלף־זייטיגער געאמעטרישער קערפער.

hendecan'drous *a.* (הענ-דע-קענ'-דראס) אין באטאניק — וואס האט עלף שטויב־בעכערלעך.

hendecasyllab'ic *a.* (הענ-דעק-ע-סי-לעב'-איק) וואס בעשטעהט פון עלף זילבען [וועגען שורות אין פאעזיע].

hendecasyl'lable *n.* (הענ-דעק-ע-סיל'-עבל) א שורה אין פאעזיע וואס בעשטעהט פון עלף זילבען.

hen'-harm *n.* (הענ'-הארם) ז. *hen-harrier*

hen'-har'rier *n.* (הענ'-הער'-אי-ער) דער מארטינס־פויגעל אדער קארשון [א זא רויב־פויגעל].

hen'-hear'ted *a.* (הענ'-האר'-טעד) שרעקעדיג, פייג.

hen'-house *n.* (הענ'-האוס) א היהנער־שטאל, א געפליגעל־הויף; א הויז וואו די פרוי הערשט

hen'-huz'zy *n.* (הענ'-האז'-אי) א מאן מיט א ווייבערשער נשמה; איינער וואס מישט זיך אין ווייבערשע געשעפטען.

hen'-mold *n.* (הענ'-מאולד) א מין שווארצע ערד וואס זעהט אויס ווי צוגראבען פון היהנער.

hen'na *n.* (הענ'-א) די גן־עדן פלאנצע, אזא בוימעל מיט קליינע ווייסליכע שמעקעדיגע בליטהען; אזא רויטליך־אראנזשעווע פארב געמאכט פון די בלעטלעך פון דיעזען בוימעל.

hen'nery *n.* (הענ'-ער-אי) א היהנער־שטאל, א געפליגעל־הויף.

hen'ny *a.* (הענ'-אי) היהנעריש [הויפטזעכליך אין בעצוג צו "ער"־פויגלען, וואס האבען דיעזעלבע פעדערען וואס די "זי"].

henot'ic *a.* (הע-נאט'-איק) פעראייניגענד, צונויפגיסענדיג אין איין גאנצעס, וואס בריינגט צו איינינקייט, צו שלום אדער צו הארמאניע.

hen par'ty (הען פאר'-טי) א פערזאמלונג בלויז פון פרויען.

hen past lay'ing (הען פעסט ליי'-אינג) א הוהן וואס לעגט ניט מעהר קיין אייער.

hen'peck *v. and n.* (הענ'-פעק) האלטען דעם מאן אונטער'ן פאנטאפעל; דאס האלטען דעם מאן אונטער'ן פאנטאפעל.

hen'pecked *a.* (הענ'-פעקט) געפליקט פון די היהנער [וועגען א האהן, וועלכער לאזט די היהנער אויספליקען ביי איהם פעדערען]; וואס ליעגט אונטער דעם ווייב'ס פאנטאפעל [וועגען א מאן].

hen'-roost *n.* (הענ'-רוהסט) א היהנער־שטאנג, א סיערעלע.

hen's'-foot *n.* (הענז'-פוט) ערד־רויך [אזא אייראפעאישע פלאנצע וואס וואקסט געוועהנליך אויף תבואה־פעלדער. די בלעטער זיינען עהנליך צו א היהנערשען פיסעל].

hen'wife *n.* (הענ'-הוואיף) אן אויפזעהערין איבער עופות.

hen'woman *n.* (הענ'-הוואומ-ען) ז. *henwife*

he'par *n.* (הי'-פאר) דער לעבער.

hepatal'gia *n.* (העפ ע טעל'-דזשי-א) לעבער־שמערץ.

hepat'ic *a. and n.* (הי-פעט'-איק) וואס איז שייך צום לעבער; פון לעבער־קאליר, טונקעל ברוין־רויט; א מעדיצינישער מיטעל פאר לעבער־קראנקהייטען; א לעבער־בלימעל [אזא מאך־ארטיגע פלאנצע].

hepat'ica *n.* (הי-פעט'-אי-קא) דאס לעבער־בלימעל [אזא מאך־ארטיגע פלאנצע].

hepat'ic air (הע-פעט'-איק עהר) ז. *hepatic gas*

hepat'ical *a.* (הי-פעט'-אי-קעל) ז. *hepatic*

hepat'ic ar'tery (הי-פעט'-איק אר'-טע-רי) די לעבער־בלוט־ארטעריע. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

hepat'ic cin'nabar (הי-פעט'-איק סינ'-ע-באר) קוועקזילבער־לעבער־ערץ

hepat'ic gas (הי-פעט'-איק געס) שוועבעל־וואסערשטאף־גאז.

hepat'icous *a.* (הי-פעט'-אי-קאס) עהנליך צו לעבער [אין פארם אדער קאליר].

hepati'tis *n.* (העפ-ע-טאי'-טיס) לעבער־ענטצינדונג.

hepatiza'tion *n.* (העפ-ע-טי-זיי'-שאן) דאס ווערען עהנליך צו לעבער, די צונויפציהונג פון דעם צעלען־געוועב [ווי פון די לונגען ביי לונגען־ענטצינדונג].

hep'atize *v.* (העפ'-ע-טאיז) מאכען עהנליך צו לעבער [ווי די לונגען ביי לונגען־ענטצינדונג]. ז. *hepatization*

hepatocys'tic *a.* (העפ-ע-טאו-סיס'-טיק) וואס איז שייך צו דעם לעבער און צו דער גאל־בלאז צוזאמען.

hepatogas'tric *a.* (העפ-ע-טאו-געס'-טריק) וואס איז שייך צו דעם לעבער און מאגען צוזאמען.

hepatog'enous *a.* (העפ-ע-טאדזש'-ע-נאס) וואס קומט פון לעבער.

hepatog'raphy *n.* (העפ-ע-טאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון דעם לעבער.

hepatolithi'asis *n.* (העפ-ע-טאו-לי-טהאי'-ע-סיס) גאלשטיין־קראנקהייט.

hepatol'ogist *n.* (העפ-ע-טאל'-א-דזשיסט) א ספעציאליסט אין לעבער־קראנקהייטען.

hepatol'ogy *n.* (העפ-ע-טאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן לעבער.

hepatophy'ma *n.* (העפ-ע-טא-פאי'-מא) אין פאטאלאגיע — א קראנקהייט, ביי וועלכער דער לעבער איז געשוואלען און פוילט.

hepatorrhe'a *n.* (העפ-ע-טא-רי'-א) אין פאטאלאגיע — א שטארקער פלוס פון גאל.

hepatos'copy *n.* (העפ-ע-טאס'-קא-פי) נביאות נאך דעם לעבער פון חיות [ביי פארצייטיגע פעלקער].

hepatot'omy *n.* (העפ-ע-טאט'-א-מי) אין כירורגיע — אן איינשניט אין לעבער.

Hephæs'tus *n.* (הי-פעס'-טאס) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — העפעסטאס [ביי די רוימער — וואולקאן], דער גאט פון פייער און שמיעדעריי.

hep'tachord *n.* (העפ'-טע-קארד) פאעזיע וואס ווערט געזונגען אדער געשפיעלט אויף זיבען נאטען; דאס זיבען־נאטען־סיסטעם אין מוזיק; א מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט זיבען סטרונעס.

hep'tad *n.* (העפ'-טעד) די צאהל זיבען; א סומע פון זיבען איינצעלנע זאכען; אין כעמיע — אן אטאם, וועלכער האט די פערבינדונגס־קראפט פון זיבען אטאמען וואסער־שטאף.

hep'taglot *a. and n.* (העפ'-טע-גלאט) געשריבען אין זיבען שפראכען; א בוך געשריבען אין זיבען שפראכען.

hep'tagon *n.* (העפ'-טע-גאן) אין געאמעטריע — א זיבען־קאנטיגע פיגור.

heptag'onal *a.* (העפ-טעג'-א-נעל) זיבען־קאנטיג, זיבען־עקיג.

heptahe'dron *n.* (העפ-טע-הי'-דראן) אין געאמעטריע — א קערפער וואס האט זיבען זייטען.

heptam'eron *n.* (העפ-טעמ'-ע-ראן) א בוך וואס ענטהאלט ערצעהלונגען וועגען פאסירונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין זיבען טעג; א בוך מיט מעשות, וואס זיינען ערצעהלט געווארען אין זיבען טעג.

heptam'erous *a.* (העפ-טעמ'-ע-ראס) אין באטאניק — וואס בעשטעהט פון זיבען גליעדער אדער טיילען [וועגען געוויסע פלאנצען].

heptan'drian *a.* (העפ-טענ'-דרי-ען) אין באטאניק — וואס האט זיבען שטויבפעדים אדער מענליכע געשלעכטס־ארגאנען.

heptan'drous *a.* (העפ-טענ'-דראס) ז. *heptandrian*

heptan'gular *a.* (העפ-טענ'-גיו-לער) זיבען־ווינקעלדיג, וואס האט זיבען ווינקלען.

hep'tarch *n.* (העפ'-טארק) א העפטארך, איינער פון די קעניגע אדער הערשער פון א העפטארכיע. ז. *heptarchy*

heptar'chic *a.* (העפ-טאר'-קיק) וואס איז שייך צו א העפטארכיע. ז. *heptarchy*

hep'tarchist *n.* (העפ'-טאר-קיסט) ז. *heptarch*

hep'tarchy *n.* (העפ'-טאר-קי) א העפטארכיע, א רעגיערונג פון זיבען קעניגע אדער הערשער; א פעראייניגונג פון זיבען מלוכות [ווי עס איז געווען אין ענגלאנד אין 8טען יאהרהונדערט].

Hep'tateuch *n.* (העפ'-טע-טיוק) די ערשטע זיבען ספרים פון תנ"ך [בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים, יהושע און שופטים].

her *pr.* (הויר) איהר; זי; איהרע.

Her'acles *n.* (הער'-ע-קליז) הערקולעס. ז. *Hercules*

Her'aclid *n.* (הער'-ע-קליד) איינער פון די הערקלידען [דער אריסטאקראטישער קלאס אין ספארטא. די מיטגליעדער פון דיעזען קלאס האבען געהאלטען, אז זיי שטאמען ארויס פון הערקולעסען].

her'ald *n.* (הער'-עלד) א העראלד, א שליח [איינער וועלכען א קעניג אדער א רעגיערונג שיקט ארויס צו פערעפענטליכען זיינעם אדער איהרען א בעפעהל]; אן אפיציעלער שליח; אן אנזאגער; פערעפענטליכען; אנזאגען; בריינגען א בשורה.

heral'dic *a.* (הי-רעל'-דיק) הערלדיש, וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וועגען הערבען און וועגען דער אבשטאמונג פון אריסטאקראטישע פאמיליען.

her'aldry *n.* (הער'-עלד-רי) הערלדיק, די וויסענשאפט וועגען הערבען און וועגען

דער אבשטאמונג פון אריסטאקראטישע פאמיליען; א הערלאדישער סמן; א הערב; פאראד, צערעמאניע; דאס אמט פון א הערלאד אדער אפיציעלען אנזאגער.

her'aldship *n.* (הער'-עלד-שיפ) דאס אמט פון א הערלאד אדער אפיציעלען אנזאגער.

herb *n.* (הוירב) גראז, קרייטיך, גרינס.

herba'ceous *a.* (הויר-ביי'-שיאס) גראזארטיג, קרייטיך⸗ארטיג; וואס איז שייך צו גראז אדער גרינס; וואס שפייזט זיך מיט גרינס.

her'bage *n.* (הויר'-ביידזש) גראז, גרינס, קרייטיכער; פאשע, פיטערנים; די פרייהייט אדער רעכט צו פיטערען אין פרעמדע וועלדער אדער לאנקעס [אין די ענגלישע געזעצען].

her'baged *a.* (הויר'-ביידזשד) בעדעקט מיט גראז אדער קרייטיכער.

her'bal *n.* (הויר'-בעל) א בוך וועגען פלאנצען אדער קרייטיכער.

her'balism *n.* (הויר'-בעל-איזם) די וויסענשאפט וועגען פלאנצען אדער קרייטיכער.

her'balist *n.* (הויר'-בעל-איסט) א פלאנצען⸗קענער, א פלאנצען⸗זאמלער.

herba'rian *n.* (הויר-ביי'-רי-ען) ז. ***herbalist***

herba'rium *n.* (הויר-ביי'-רי-אם) א זאמלונג פון געטריקענטע פלאנצען; א בוך, אין וועלכען עס זיינען ארייגעקלעפט אויסגעטריקענטע פלאנצען; א פלאץ וואו עס ווערען געהאלטען פלאנצען פאר באטאנישע צוועקען.

her'bary *n.* (הויר'-בע-רי) א גארטען פון קרייטיכער אדער גרינסען.

herb'-ben'net *n.* (הוירב'-בענ'-עט) בענעדיקטען⸗קרויט [א מין ארמאטישע פלאנצע וועלכע פלעגט אמאל בענוצט ווערען אין מעדיצין].

herb'-doc'tor *n.* (הוירב'-דאק'-טאר) א דאקטאר וואס היילט מיט קרייטיכער, א דאקטאר וואס גיט באבסקע רפואות.

herbes'cent *a.* (הויר-בעס'-ענט) וואס וואקסט ווי קרייטיכער, וואס איז עהנליך צו קרייטיכער.

her'bid *a.* (הויר'-ביד) בעדעקט מיט גראזען אדער קרייטיכער.

herbif'erous *a.* (הויר ביפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס גראז, קרייטיכער אדער גרינס.

her'bist *n.* (הויר'-ביסט) ז. ***herbalist***

Herbiv'ora *n.* (הויר-ביוו'-א-רא) דער מין גראז⸗עסענדע בהמות אדער חיות.

her'bivore *n.* (הויר'-בי-וואור) א גראז⸗עסענדע חיה.

herbiv'orous *a.* (הויר-ביוו'-א-ראס) וואס עסט גראז אדער קרייטיכער.

herb'less *a.* (הוירב'-לעס) אהן קרייטיכער, אהן גראז.

herb'let *n.* (הוירב'-לעט) א גרעזעל, א גרינסעל.

herb'-mar'garet *n.* (הוירב'-מאר'-גע-רעט) די ענגלישע מארגאריטקע [אזא בלימעל]. ז. ***daisy***

herborisa'tion *n.* (הויר-בא-רי-זיי'-שאן) ז. ***herborization***

her'borise *v.* (הויר'-בא-ראיז) ז. ***herborize***

her'borist *n.* (הויר'-בא-ריסט) ז. ***herbalist***

herboriza'tion *n.* (הויר-בא-רי-זיי'-שאן) דאס זוכען אדער זאמלען קרייטיכער פאר באטאנישע צוועקען; דער אבדרוק פון פלאנצען אין מינעראלען.

her'borize *v.* (הויר'-בא-ראיז) זוכען אדער זאמלען קרייטיכער פאר באטאנישע צוועקען; אבדריקען די פארם פון פלאנצען אין א מינעראל.

her'borizer *n.* (הויר'-בא-ראי-זער) איינער וואס זוכט אדער זאמעלט פלאנצען פאר באטאנישע צוועקען.

her'bose *a.* (הויר'-באוס) ז. ***herbous***

her'bous *a.* (הויר'-באס) רייך אין קרייטיכער אדער אין גראזען.

herb'-par'is *n.* (הוירב'-פער'-אים) די איין⸗בעערע אדער וואלפס⸗יאגדע [אזא פלאנצע פון וועלכער דיווארצלען און די יאגדעס ווערען בעטראכט אלס גיפטיג. אמאל איז דיעזע פלאנצע בענוצט געווארען אין מעדיצין].

herb'-rob'ert *n.* (הוירב'-ראב'-ערט) דער ראבערט⸗קרייטיך [אזא פלאנצע מיט וועלכער מען פלעגט אמאל היילען די קראנקהייט וועלכע האט זיך גערופען די ראבערט⸗פלאג].

herb'-true'love *n.* (הוירב'-טרוה'-לאוו) ז. ***herb-paris***

herb'woman *n.* (הוירב'-הוואום-ען) א פרוי וואס פערקויפט קרייטיכער אדער גרינס.

her'by *a.* (הויר'-בי) בעוואקסען מיט קרייטיכער; פול מיט גראז אדער גרינסען; וואס איז שייך אדער עהנליך צו קרייטיכער.

Hercu'lean *a.* (הויר-קיו'-לי-ען) וואס איז שייך צו הערקולעס. ז. ***Hercules***

hercu'lean *a.* (הויר-קיו'-לי-ען) ווי הערקולעס [שטארק, גרויס, מוטיג ווי הערקולעס]; זעהר שווער אדער געפעהרליך.

Her'cules *n.* (הויר'-קיו-ליז) הערקולעס [איינער פון די אלט⸗גריכישע מיטאלאגישע העלדען, וועלכער האט געהאט א וואונדערבארע קראפט און געדולד]; א געוויסע שטערען⸗גרופע אין דער אלטער אסטראנאמיע.

Hercules

her'cules *n.* (הויר'-קיו-ליז) א גרויסער און שטארקער מענש; א גרויסער האמער צום ברעכען גוס⸗אייזען.

Her'cules-bee'tle *n.* (הויר'-קיו-ליז-ביע'טל) דער הערקולעס⸗קעפער [אזא גרויסער בראזיליאנישער זשוק וועלכער דערגרייכט אפט א האלבען פוס די לענג. פון קאפ נעהען ביי איהם ארויס אזעלכע צוויי לאנגע הערנער און ער האט די פארם פון א צוואנג].

Hercules-beetle

her'cynite *n.* (הויר'-סי-נאיט) אזא מינעראל וואס ענטהאלט אין זיך אלומיניום און אייזען.

herd *n. and v.* (הוירד) א הערדע, א סטאדע; א מחנה אדער א קאמפאניע מענשען; א געזעמעל; א הירט, א פאסטוך; געהן אין סטאדעס; זיך געזעלען, זיך פעראייניגען אין א קאמפאניע.

herd'-book *n.* (הוירד'-בוק) א יחוס⸗בריעף פון בהמות אין טייערע סטאדעס.

herd'boy *n.* (הוירד'-באי) א פאסטוך, א הירט.

her'der *n.* (הויר'-דער) איינער וואס פאסט אויף א סטאדע בהמות; א פאסטוך

herd'-grass *n.* (הוירד'-גרעס) ז. ***herd's-grass***

her'dic *n.* (הויר'-דיק) אזא צוויי אדער פיער⸗רעדערדיגער נידריגער וואגען צום פיהרען פאסאזשירען.

herd's'-grass *n.* (הוירדז'-גרעס) פוטער⸗גראז [א גוטער זארט גראז וואס ווערט קולטיווירט אלס פוטער פאר בהמות].

herds'man *n.* (הוירדז'-מען) אן אויפפאסער אויף סטאדעס בהמות; א פאסטוך, א הירט.

herds'woman *n.* (הוירדז'-הוואום-ען) אן אויפפאסערין אויף סטאדעס בהמות; א הירטין, א פאסטושקע.

here *adv.* (היער) היער, דא; אהער.

here'about' *adv.* (היער'-ע-באוט') דא ארום, ארום דיעזען ארט, אין דיעזער געגענד.

I'll stay hereabout to see who is coming.

here'abouts' *adv.* (היער'-ע-באוטס') ז. ***hereabout***

hereaf'ter *adv. and n.* (היער-עפ'-טער) דערנאך; אין דער צוקונפט; מיט דער צייט; די צוקונפט.

here and there (היער ענד טהער) דא און דארט, אמאל דא און אמאל דארט.

hereat' *adv.* (היער-עט') צוליעב דעם; דעריבער.

here'away *adv.* (היער'-ע-הוויי) ערגעץ וואו דא; אין דיעזער ריכטונג; דא דערביי.

hereby' *adv.* (היער-באי') דורך דעם; דערמיט; ניט ווייט, דערביי.

hered'itable *a.* (הי-רעד'-אי-טעבל) ערבליך, וואס מען קען בעקומען בירושה.

heredit'ament *n.* (הער-אי-דיט'-ע-מענט) דאס ערב⸗גוט [יעדעס פערמעגען אדער אייגענטום, ווי לאנד, הייזער, חפצים א. ד. ג., וואס קען גע'ירש'נט ווערען].

heredita'rian *n.* (הי-רעד-אי-טיי'-רי-ען) אן אנהענגער פון דער ביאלאגישער פערערבונגס⸗טעאריע, אז די פיזישע און גייסטיגע אייגענשאפטען פון א געוויסען ארגאניזם ווערען איבערגעגעבען בירושה פון די עלטערען צו די קינדער.

hered'itarily *adv.* (הי-רעד'-אי-טע-

רי-לי) דורך ירושה; דורך'ן איבערגעבען פון איין דור צום אנדערען.

hered'itariness *n.* (הי-רעד'-אי-טע-רי-נעס) דאס בעקומען זיך בירושה פון די עלטערען צו די קינדער.

hered'itary *a.* (הי-רעד'-אי-טע-רי) ערבליך, וואס געהט איבער אדער בעקומט זיך בירושה.

hered'ity *n.* (הי-רעד'-אי-טי) פערערבונג, די איבערגעבונג פון פיזישע און גייסטיגע פעהיגקייטען, קראנקהייטען א. ד. ג. פון עלטערען צו קינדער; די נייגונג פון אן ארגאניזם צו בעקומען אין גאנג פון ענטוויקלונג דיזעלבע פארם ווי זיינע עלטערען.

herefrom' *adv.* (היער-פראם') דערפון; פון דעם וואס איז געזאגט אדער געטהאן געווארען.

here goes! (היער גאוז) עס געהט! אט! נא!

herein' *adv.* (היער-אין') דארין, אין דעם.

herein'af'ter *adv.* (היער-אינ'-עפ'-טער) בנוגע צו דעם, וואס איז אונטען אדער שפעטער דערמאנט [אין א דאקומענט].

herein'before' *adv.* (היער-אינ'-בי-פאור') פריהער בעשריבען; פריהער דערמאהנט [אין שריפטען אדער דאקומענטען].

herein'to *adv.* (היער-אינ'-טוה) אינעווייניג אין דעם.

her'em *n.* (הער'-עם) א חרם.

hereof' *adv.* (היער-אוו') דערפון.

hereon' *adv.* (היער-אן') דערויף.

her'esiarch *n.* (הער'-ע-סי-ארק) א הערעסיארך, א גרינדער אדער אנפיהרער פון אן אפיקורסישער סעקטע.

heresiol'ogy *n.* (הער-ע-סי-אל'-א-דזשי) די געשיכטע פון די אפיקורס'ישע ריכטונגען און לעהרען; דאס שטודיום פון אפיקורס'ישע לעהרען און ריכטונגען.

her'esy *n.* (הער'-ע-סי) אפיקורסות [א לעהרע אדער מיינונג, וועלכע טרעט ארויס געגען דער אנגענומענער און פעסטגעשטעלטער לעהרע אדער מיינונג אין רעליגיאן, פילאזאפיע, וויסענשאפט א. ד. ג.].

here, there and eve'rywhere (היער, טהעהר ענד עוו'-רי-הוועהר) אימעטום, וואוהין מען זאל זיך ניט א קעהר טהאן.

her'etic *n. and a.* (הער'-ע-טיק) א הערעטיק, אן אפיקורוס [איינער, וועלכער האלט זיך אן א מיינונג, וואס איז דאגעגען דער אנגענומענער און פעסטגעשטעלטער מיינונג אין רעליגיאן, פילאזאפיע, וויסענשאפט א. ד. ג.]; הערעטיש, אפיקורסיש; וואס איז שייך צו אפיקורסות.

heret'ical *a.* (הי-רעט'-אי-קעל) אפיקורסיש; אין געגענזאץ צום פעסטגעשטעלטען גלויבען אדער צו דער אנגענומענער מיינונג.

heret'ically *adv.* (הי-רעט'-אי-קעל-אי) אויף א הערעטישען אדער אפיקורסישען שטייגער.

hereto' *adv.* (היער-טוה') דערצו.

here'tofore' *adv.* (היער'-טו-פאור') אמאל, פריהער, אין די אמאליגע צייטען.

hereun'der *adv.* (היער-אנ'-דער) אונטער דעם, לויט דעם.

hereupon' *adv.* (היער-א-פאן') אויף דעם, נאכפאלגענדיג אדער לויט דעם.

herewith' *adv.* (היער-הוויטה') דערמיט, מיט דעם.

her'iot *n.* (הער' אי אט) אן אבצאהלונג וואס א יורש פלעגט אין מיטעלאלטער צאהלען צום פריץ פאר דעם רעכט איבערצונעהמען א ירושה.

her'iotable *a.* (הער'-אי-אט-עבל) וואס האט געמוזט געגעבען ווערען דעם פעאדאלען הערר. ז. *heriot*

her'isson *n.* (הער'-אי-סאן) א באלקען מיט אייזערנע שפיצען וועלכער שטעקט ארויס פון א פעסטונג, כדי מען זאל ניט קענען נאהענט פארבייגעהן; אזעלכע הילצערנע פערדלעך אנגעשטעקט מיט אייזערנע שפיציגע טשוועקעס, וועלכע פלעגען בענוצט ווערען אמאל אלס א שטראפמיטעל אין מיליטער [דעם וועמען מען האט בעדארפט בעשטראפען פלעגט מען ארויפזעצען אויף אזא פערדעל]; די שטראף דורך דיזע פערדלעך.

heritabil'ity *n.* (הער-אי-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען גע'ירש'ענט ווערען; ערבפעהיגקייט.

her'itable *a.* (הער'-אי-טעבל) ערבפעהיג [וואס האט רעכט אויף א ירושה]; ערבליך [וואס קען ערהאלטען ווערען בירושה].

her'itably *adv.* (הער'-אי-טע-בלי) דורך ערבליכקייט, בירושה.

her'itage *n.* (הער'-אי-טעדזש) אן ערבשאפט, א ירושה.

her'itor *n.* (הער'-אי-טאר) אן איינענטימער פון א ירושה; א גרונדנעזעסענער פון א קירכען-גוט.

her'itrix *n.* (הער'-אי-טריקס) אן אייגענטימערין פון א ירושה.

hermaph'rodism *n.* (הער-מעפ'-רא-דיזם) ז. *hermaphroditism*

hermaph'rodite *n. and a.* (הער-מעפ'-רא-דאיט) א הערמאפראדיט, אן אנדרוגינוס [א פערזאן וואס איז א זכר און א נקבה אין איינעם]; א פלאנצע וואס האט אי מענליכע, אי ווייבליכע ארגאנען; וואס איז ווי א הערמאפראדיט.

hermaphrodit'ic *a.* (הער-מעפ-רא-דיט'-איק) הערמאפראדיטיש, וואס האט אי מענליכע, אי ווייבליכע געשלעכטס-ארגאנען [ווי אן אנדרוגינוס].

hermaphrodit'ical *a.* (הער-מעפ-רא-דיט'-אי-קעל) ז. *hermaphroditic*

hermaphrodit'ically *adv.* (הער-מעפ-רא-דיט'-אי-קעל-אי) אזוי ווי א הערמאפראדיט, מעשה אנדרוגינוס.

hermaph'roditism *n.* (הער-מעפ'-רא-די-טיזם) די פעראייניגונג פון ביידע געשלעכטער אין איין פערזאן; דאס זיין אן אנדרוגינוס.

hermeneu'tic *a.* (הער-מי-ניו'-טיק) וואס געהערט צו אויסטייטשונגען אדער צו פירושים.

hermeneu'tical *a.* (הער-מי-ניו'-טיק-על) ז. *hermeneutic*

hermeneu'tically *adv.* (הער-מי-ניו'-טיק-על-אי) אויסטייטשענדיג, ערקלערענדיג, מאכענדיג א פירוש.

hermeneu'tics *n.* (הער-מי-ניו'-טיקס) די קונסט אדער די פעהיגקייט אויסצוטייטשען אדער צו ערקלערען.

hermeneu'tist *n.* (הער-מי-ניו'-טיסט) אן אויסטייטשער, א מבאר, אן ערקלערער.

Her'mes *n.* (הויר'-מיעז) הערמעס. אין דער גריכישער מיטאלאגיע — דער שליח פון די געטער, דער בעשיצער פון הירטען, דער גאט פון וויסענשאפט, האנדעל, ערפינדונגען און דער בעשיצער פון רייזענדע און גנבים. ביי די רוימער איז דיעזער גאט געריפען געווארען מערקור און ביי די עגיפטער — טהאט].

Hermes

her'mes *n.* (הויר'-מיעז) אין דער אלט-גריכישער בוי-קונסט — א קאפ אדער א ביוסט אויף א זייל אזוי, אז דער זייל קומט פאר ווי די פארטזעצונג פון דעם קערפער.

Hermet'ic *a.* (הויר-מעט'-איק) וואס איז שייך צום אלט-גריכישען גאט הערמעס אדער מערקור [דער שליח פון די געטער, דער בעשיצער פון די פאסטוכער, הענדלער און שווינדלער, דער גאט פון האנדעל, וויסענשאפט, ערפינדונגען א. ז. וו.]; וואס איז שייך צו געוויסע הייליגע געהיימע אלט-עגיפטישע ספרים [כלומר'שט פערפאסט פון דעם גאט טהאט אדער, אין גריכיש, הערמעס].

hermet'ic *a.* (הויר-מעט'-איק) געהיים; אלכעמיש; כעמיש; לופט-דיכט; וואס איז שייך צו א זייל מיט א מענשען-קאפ. ז. *hermes*

Hermet'ical *a.* (הויר-מעט'-אי-קעל) ז. *Hermetic*

hermet'ically *adv.* (הויר-מעט'-אי-קעל-אי) לופט-דיכט, וואס לאזט ניט דורך קיין לופט; פערמאכט אזוי, אז קיין לופט זאל ניט קענען דורכדרינגען; כעמיש; געהיים; לויט דער לעהרע פון די הייליגע געהיימע אלט-עגיפטישע הערמעטישע ספרים. ז. *Hermetic*

hermet'ic art (הויר-מעט'-איק ארט) אלכעמיע; כעמיע.

hermet'ic col'umn (הויר-מעט'-איק-קאל'-אם) ז. *hermes*

hermet'ic seal (הויר-מעט'-איק סיעל) א לופט-דיכטע פערשטאפונג; א פערזיעגלונג פון א כלי וואס לאזט ניט דורך קיין לופט.

her'mit *n.* (הויר'-מיט) אן איינזידלער, א פרוש, א מאנאך; איינער וואס לעבט אבגעזונדערט; א חיה וואס לעבט איינזאם און אבגעזונדערט.

her'mitage *n.* (הויר'-מי-טעדזש) אן אויפהאלטונגס-פלאץ פון אן איינזידלער [פרוש, מאנאך]; אן אבגעזונדערטע וואהנונג.

her'mitary *n.* (הויר'-מי-טע-רי) אן אויפהאלטונגס-פלאץ פון א מאנאך [איינזידלער, פרוש]; א מאנאכען-צימערעל נעבען א קלויסטער אדער מאנאסטיר.

her'mit-crab *n.* (הויר'-מיט-קרעב) א מין ראק וואס האלט זיך אין מושעלען.

her'mitess *n.* (הויר'-מי-טעס) אן איינזידלערין [א פרוי וואס האט זיך פורש געווען פון דער וועלט און פערברייננט איהר צייט אין תפלה]; א מאנאשקע.

hermit'ical *a.* (הויר-מיט'-אי-קעל) וואס

איז שייך צו אן איינזידלער [פּרוש, מאַגאַד]; צוגעפּאַסט צום לעבען פון אַ פּרוש.

hermodac'tyl *n.* (הויר-מאָ-דעק'-טיל) אזא געטריקענטער פלאַנצען-וואָרצעל פון טערקיי, וועלכער פלעגט אַמאָל בענוצט ווערען אַלס אַ מעדיצין.

hern *n.* (הארן) ז. ***heron***

her'nia *n.* (הויר'-ני-אַ) אַ ברוך; אַ קילע; (הויר'-ני-אַ) אַ קערפּער-גליעד וואָס רייסט זיך אַב פון אָרט און שטאַרצט אַרויס.

her'nial *a.* (הויר'-ני-על) וואָס איז שייך צו אַ ברוך [קילע].

her'nial truss (הויר'-ני-על טראַס) אַ ברוך-באַנד.

her'niated *a.* (הויר'-ני-איי-טעד) גע-בריכט, קילעוואַטע.

her'nioid *a.* (הויר'-ני-איד) ענליך צו אַ ברוך אָדער צו אַ קילע.

herniol'ogy *n.* (הויר-ני-אַל'-אַ-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט ברוכען אָדער קילעס.

herniot'omy *n.* (הויר-ני-אַט'-אַ-מי) אַן אָפּעראַציאָן אויף אַ ברוך [קילע].

her'nious *a.* (הויר'-ני-אַס) ז. ***hernial***

hire out (האיר אוט) פערדינגען, געבען אויף פראקאט.

hir'er *n.* (האיר'-ער) איינער וואס דינגט עפעס אדער אימעצען.

hirse *n.* (הוירס) הירזש, פראסע.

hirsute' *a.* (הויר-סיוט') האריג, בעדעקט אדער בעוואקסען מיט האר; שארסטקע.

hirsute'ness *n.* (הויר-סיוט'-נעס) האריגקייט, דאס זיין בעדעקט אדער בעוואקסען מיט האר.

his *pr.* (היז) זיין, זיינער, זיינס.

hish *v.* (היש) צישען, שיפען [ווי א שלאנג]; אויססווישטשען, אויספייפען.

Hispan'ic *a.* (היס-פען'-איק) וואס איז שייך צו שפאניען אדער צו די שפאניער.

Hispan'icism *n.* (היס-פען' אי-סיזם) היספאניציזם, די אייגענטימליכקייט פון דער שפאנישער שפראך; א שפאניש ווארט אדער אויסדרוק.

Hispan'iolate *v.* (היס-פען'-אי-א-לייט) ז. *Hispaniolize*

Hispan'iolize *v.* (היס-פען'-אי-א-לאיז) דורכדרינגען מיט שפאנישע געפיהלען; מאכען שפאניש.

his'pid *a.* (היס'-פיד) האריג, בעדעקט אדער בעוואקסען מיט האר; שארסטקע.

hispid'ity *n.* (היס-פיד'-אי-טי) האריגקייט; דאס זיין בעדעקט אדער בעוואקסען מיט האר; דאס זיין שארסטקע.

hispid'ulous *a.* (היס-פיד'-יו-לאס) אין באטאניק — וואס האט קליינע הערעלעך.

hiss *v. and n.* (היס) צישען, שיפען ווי א שלאנג; אויספייפען אימעצען; דאס שיפען, דאס צישען; דאס אויספייפען אימעצען.

hiss'er *n.* (היס'-ער) איינער אדער עפעס וואס שיפעט ווי א שלאנג; אן אויספייפער.

hiss'ing *n.* (היס'-אינג) דאס צישען, דאס שיפען; דאס אויספייפען.

hiss off the stage (היס אף טהי סטיידזש) אויספייפען אן אקטיאר.

hist *v. and int.* (היסט) אנרייצען א הונד דורך שיפען; שא! סט! שטיל!

his'tioid *a.* (היס'-טי-איד) וואס איז עהנליך צו געוועב.

histiol'ogy *n.* (היס-טי-אל'-א-דזשי) ז. *histology*

histogen'esis *n.* (היס-טא-דזשען'-ע-סיס) היסטאגענעזיס, די ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון ארגאנישען געוועב [ווי דער געוועב פון פלייש, נערוועז, ביינער אדער דער געוועב פון פרוכטען, האלץ א. ד. ג.]; די צוזאמענהעפטונג, טיילונג און ספעציאליזירונג פון ארגאנישע עלעמענטען.

histogenet'ic *a.* (היס-טא-דזשי-נעט'-איק) היסטאגענעזיש, וואס איז שייך צו דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון ארגאנישען געוועב.

histogenet'ically *adv.* (היס-טא-דזשי-נעט'-אי-קעל-אי) פון א היסטאגענעזישען שטאנדפונקט. ז. *histogenesis*

histogen'ic *a.* (היס-טא-דזשען'-איק) ז. *histogenetic*

histog'eny *n.* (היס-טאדזש'-ע-ני) ז. *histogenesis*

histog'raphy *n.* (היס-טאג'-רע-פי) היסטאגראפיע, די בעשרייבונג פון ארגאנישען געוועב [ווי דער געוועב פון פלייש, נערוועז, ביינער, פרוכטען אדער דער געוועב פון האלץ א. ד. ג.].

histolog'ic *a.* (היס-טא-לאדזש'-איק) היסטאלאגיש, וואס איז שייך צו היסטאלאגיע. ז. *histology*

histol'ogist *n.* (היס-טאל'-א-דזשיסט) א היסטאלאגיסט, איינער וועלכער שטודירט אונטער'ן מיקראסקאפ דעם געוועב-געבוי פון ארגאניזמען.

histol'ogy *n.* (היס טאל'-א-דזשי) היסטאלאגיע, די לעהרע וועגען מיקראסקאפישען געבוי פון ארגאנישען געוועב [ווי דער געוועב פון פלייש, נערוועז, ביינער א. ד. ג.].

histol'ysis *n.* (היס-טאל'-אי-סיס) דעגענעראציאן אדער אבשטארבונג פון ארגאנישען געוועב.

histolyt'ic *a.* (היס-טא-ליט'-איק) וואס איז שייך צו אדער כאראקטעריזירט זיך מיט דער אבשטארבונג אדער אונטערגאנג פון ארגאנישען געוועב.

histon'omy *n.* (היס-טאנ'-א-מי) היסטאנאמיע, די געזעצען פון אויסבילדונג און פונקציאנירונג פון ארגאנישען געוועב.

histo'rian *n.* (היס-טאו'-רי-ען) א היסטאריקער, א געשיכטע-שרייבער.

histo'riated *a.* (היס-טאו'-רי-איי-טעד) בעציערט מיט צייכנונגען און פיגורען פון ח׳ות, בלומען און מענשען [ווי די מיטעלאלטערליכע מאנוסקריפטען און ביכער].

histor'ic *a.* (היס-טאר'-איק) וואס איז שייך צו היסטאריע אדער היסטאריקער; וואס איז בעוואוסט אדער בעריהמט אין געשיכטע; היסטאריש; געשיכטליך.

histor'ical *a.* (היס-טאר'-אי-קעל) היסטאריש, געשיכטליך; וואס איז דערמאהנט אין היסטאריע; וואס בעלאנגט צו דער פערגאנגענהייט.

histor'ically *adv.* (היכ טאר'-אי-קעל-אי) אויף א היסטארישען שטייגער; לויט דער געשיכטע.

histor'ical meth'od (היס-טאר'-אי-קעל מעטה'-אד) די היסטארישע מעטאדע, דאס שטודירען א זאך פון שטאנדפונקט פון איהר ענטוויקלונגס-צושטאנד אין פערשיעדענע צייטען.

histor'ical school (היס-טאר'-אי-קעל סקוהל) אין יוריספרודענץ — די היסטארישע שוהל [די יוריסטישע שוהל וועלכע לערענט, אז די אדער יענע געזעצגעבונג פון א לאנד שטאמט ניט פון די רעגיערער, נאר פון דעם קולטורעלען צושטאנד פון פאלק אין זיין היסטארישער ענטוויקלונג].

historiette' *n.* (היס-טאו-רי-עט') א קורצע געשיכטע, א מעשה'לע.

histor'ify *v.* (היס-טאר'-אי-פאי) דערצעהלען די געשיכטע פון עפעס.

histo'riograph *n.* (היס-טאו'-רי-א-גרעף) ז. ***historiographer***

historiog'rapher *n.* (היס-טאו-רי-אג'-רע פער) א היסטאריע-שרייבער, א געשיכטע-שרייבער, א היסטאריקער.

historiograph'ic *a.* (היס-טאו-רי-א-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו געשיכטע-שרייבונג.

historiog'raphy *n.* (היס-טאו-רי-אג'-רע-פי) געשיכטע-שרייבונג.

historiol'ogy *n.* (היס-טאו-רי-אל'-א-דזשי) היסטאריאלאגיע, די היסטארישע וויסענשאפט.

his'tory *n.* (היס'-טא-רי) היסטאריע, געשיכטע; די בעשרייבונג פון די פערגאנגענע פאסירונגען; א קאריערע פון א מענשען וואס איז רייך מיט פאסירונגען; א היסטארישע דראמא אדער קאמעדיע.

his'tory of the four knigs (היס'-טא-רי אוו טהי פאור קינגז) קארטען-שפיעל [הומאריסטיש].

his'tory-pain'ting *n.* (היס'-טא-רי-פיינ'-טינג) היסטארישע מאלעריי, די קונסט פארצושטעלען היסטארישע פאסירונגען אין בילדער.

his'tory-piece *n.* (היס'-טא-רי-פיעס) א בילד וואס שטעלט פאר א היסטארישע פאסירונג.

his'trion *n.* (היס'-טרי-אן) א שוישפיעלער; א קאמעדיאנט; א טאשען-שפיעלער, א קונצען-מאכער.

histrion'ic *a.* (היס טרי-אנ'-איק) טעאטראליש, וואס איז שייך צו דער טעאטראלער קונסט; קאמעדיאנטיש, ווי א שוישפיעלער; ניט רעאל, ניט עכט.

histrion'ical *a.* (היס-טרי-אנ'-אי-קעל) ז. ***histrionic***

histrion'ically *adv.* (היס-טרי-אנ'-אי-קעל אי) טעאטראליש; אזוי ווי א שוישפיעלער; אויף א קאמעדיאנטישען אופן.

histrion'ic art (היס-טרי-אנ'-איק ארט) די שוישפיעל-קונסט; די קונסט פון טעאטראלע פארשטעלונגען.

histrion'icism *n.* (היס-טרי-אנ'-אי-סיזם) טעאטער-קונסט; ביהנען-עפעקט.

his'trionism *n.* (היס'-טרי-א-ניזם) די קונסט פון טעאטער-שפיעל; קאמעדיאנטסקע שטיק.

his'trionize *v.* (היס'-טרי-א-נאיז) שפיעלען אויף דער ביהנע; מאכען אדער פארשטעלען טעאטראליש.

hit *v. and n.* (היט) שלאגען; שטויסען; טרעפען, ערגרייכען; גרייפען; אבשלאגען; געלינגען, גליקען; צופאכען; א שלאג, א קלאפ; א טרעפונג, א צופאל; א גרויסער, אונערווארטעטער ערפאלג; א שלאג-ווארט, א פאסענד ווארט אין א רעדע.

hitch *v. and n.* (היטש) הינקען, שפרינגען; זיך פערטשעפען, ניט קענען ארויסגעהן; ארויפשטויסען; ארבייטען צוזאמען; צוזאמענבינדען, פערקניפען; א שטויס ארויף; דאס פערקרעמפעווען אדער פערשטארקען, דאס פערקניפלען; א צייטווייליגע שטיצע; א קנופ פון א קאנאט.

hitch togeth'er (היטש טו-געטה'-ער) זיך פערקניפען, ארבייטען צוזאמען.

hitch up (היטש אפ) ציהען אין דער הויך; איינשפאנען [פערד].

hit hard (היט הארד) 1. שטארק אנגעגריפען; 2. שטארק אנגרייפען.

1. He was **hit hard**.

hith'er *adv.* (היטה'-ער) אהער, אהערצו.

hith'er and thith'er (היטה'-ער ענד טהיטה'-ער) אהער און אהין; הין און צוריק.

hith'er and yon (היטה'-ער ענד יאן) דא און דארט, ווייט און נאהענט.

hith'ermost *a.* (היטה'-ער-מאוסט) דער נעהנטסטער אויף דיעזער זייט.

hitherto' *adv.* (היטה-ער-טו') ביזהער, ביז יעצט.

hith'erward *adv.* (היטה'-ער-הווארד) אהער-צו, צו דיעזען ארט-צו.

hith'erwards *adv.* (היטה'-ער-הווארדז) ז. ***hitherward***

hit it off (היט איט אף) געטראפען אין סאמע פונקט, ריכטיג כאראקטעריזירט.

You **hit it off** right that time.

hit off (היט אף) ריכטיג כאראקטעריזירען; טרעפען אין סאמע פונקט.

hit'-off *n.* (היט'-אף) א געלונגענע כאראקטעריזירונג פון עפעס.

The after dinner speech was a good **hit-off** at the guest of honor.

hit'-or-miss' *adv. and a.* (היט'-אר-מיס') טרעף אדער פעהל, פערלאזענדיג זיך אויף'ן צופאל; אונבערעכענט.

hit out (היט אוט) ארויסשטויסען מיט די קולאקעס; געבען קלעפ.

hit the cush'ion (היט טהי קוש'-אן) טרעפען; דערגרייכען א ציעל.

hit the nail on the head (היט טהי נייל אן טהי העד) טרעפען דעם טשוואק איבער'ן קאפ, טרעפען אין פינטעל אריין.

hit upon' (היט א-פאן') פאלען אויף א המצאה; איינפאלען אויף עפעס.

The general **hit upon** a plan to attack the enemy.

hive *n. and v.* (האיוו) א ביענשטאק; א געדיכטע מענגע ביענען; אריינטהאן אין א ביענשטאק; וואהנען צוזאמען.

hive'-bee *n.* (האיוו'-ביע) א געוועהנליכע ביען, א האניג-ביען.

hive'-bee'tle *n.* (האיוו'-ביע'טל) א מין זשוק, וואס לעגט זיינע אייעלעך אין א ביענשטאק.

Hive-beetle

hi'ver *n.* (האי'-ווער) א ביענען-צוכטער [איינער וואס הארעוועט ביענען], איינער וואס זעצט אריין ביענען אין א ביענשטאק.

hives *n.* (האיווז) לארינגיט [א האלז-ענטצינדונג]; וואסער-בלאטערען [א מין הויט-קראנקהייט].

ho *int. and v.* (האו) היי! הע! הא! [אן אויסרוף מיט וועלכען מען וויל ציהען אימעצענס אויפמערקזאמקייט אדער מען וויל אימעצען אבשטעלען]; א געשריי טהאן צו אימעצען; אויסשרייען; אבשטעלען דורך א צורוף.

hoact'zin *n.* (הא-עקט'-זין) אזא זיד-אמעריקאנישער פויגעל מיט פעדערען פון פערשיעדענארטיגע קאלירען. האלט זיך אויף אויף נידריגע ביימלעך און קוסטעס נעבען וואסער.

hoac'zin *n.* (הא-עק'-זין) ז. ***hoactzin***

hoar *a., n. and v.* (האור) ווייס; ווייס-גרוי, גרוי, גרוי-האריג; אלט, אלטערטימליך; גרויקייט, אלטקייט, אלטערטימליכקייט; ווערען פערשימעלט; מאכען ווייס אדער גרוי.

hoard *n. and v.* (האורד) אן אנזאמלונג, אנקלייבונג; פארראט [זאפאס]; אן אוצר, שאץ, פאנד; אנזאמלען, אנקלייבען, אבלעגען אין זאפאס; א צייטווייליגער הילצערנער פערשלאג אדער גאלערעע אויף פעסטונגס-ווענד [אלס פערטיידיגונגס-מיטעל].

hoar'der *n.* (האור'-דער) א זאמלער; אן אנקלייבער; איינער וואס זאמעלט אן און לעגט אב אין פארראט [זאפאס].

hoar'ding *n.* (האור'-דינג) א צייטווייליגער הילצערנער פערשלאג אדער גאלערעע אויף פעסטונגס-ווענד [צום פערטיידיגען זיך]; א ביולעטין-ברעט [וואו מען קלעפט אויף פערשיעדענע אנאנסען]; אן ארומצוימונג פון ברעטער.

hoar'-frost *n.* (האור'-פראסט) געפרארענער טהוי.

hoar'hound *n.* (האור'-האונד) דער אנדארן [אזא קליין ביימעל וואס וואקסט מייסטענס ביי די זייטען פון א וועג און איז פערשפרייט כמעט איז אלע לענדער. איז אין גאנצען בעדעקט מיט אזעלכע ווייסע פוכיגע האר און האט קליינע ווייסע בליהונג, וועלכע האבען א גוטען ריח

און א ביטערליכען טעם. זיי ווערען בענוצט אלס א מיטעל געגען הוסט].

Hoarhound

hoar′iness *n.* (האור׳־אי־נעס) גרויקייט.

hoarse *a.* (האורס) הייזעריג.

hoarse′ly *adv.* (האורס׳־לי) הייזעריג, מיט א הייזעריגער שטימע.

hoarse′ness *n.* (האורס׳־נעס) הייזעריגקייט.

hoar′stone *n.* (האור׳־סטאון) א גרענעץ־שטיין [וואס בעצייכענט די גרענעץ פון א לאנד־גוט].

hoar′y *a.* (האור׳־אי) ווייס, ווייסליך, גרוי, גרוי־האריג; אלטערטימליך; וואס איז בעדעקט מיט קורצע, געדיכטע, גרויליכע האר [ווענען אינזעקטען און פלאנצען].

hoar′y antiq′uity (האור׳־אי ענ־טיק׳־הווי־טי) דאס גרויע אלטערטום.

hoar′y frost (האור׳־אי פראסט) ז. ***hoar-frost***.

hoar′y-head′ed *a.* (האור׳־אי־העד׳־עד) מיט א גרויען קאפ.

hoax *v. and n.* (האוקס) אבנארען [אלס שפאס], מאכען א שפאס, איינריידען א נישט־געשטויגענע נישט־געפלויגענע זאך; א בעטרוג [צוליעב א שפאס].

hoax′er *n.* (האוק׳־סער) איינער וואס נארט אב [צוליעב שפאס]; איינער וואס טראכט אויס, צוליעב שפאס, נישט־געשטויגענע מעשיות.

hoaz′in *n.* (הא־עז׳־אין) ז ***hoactzin***

hob *n.* (האב) אן אויווען־טהיר, אן אויווען־דעקעל, א זאפלינקע; דער טייל פון א ראד ארום דער אקס; א שטעקען אדער אן עהנליכע זאך וואס דיענט אלס צייכען ביי געוויסע שפיעלען; אזא שפיעל [עס בעשטעהט אין דעם וואס מען ווארפט ארעב מיט א שטיין מטבעות וואס ליעגען אויף׳ן שפיץ פון א שטעקען]

hob′-and-nob′ *adv. and v.* (האב׳־ענד־נאב׳) ז. ***hobnob***

hob′-a-nob′ *adv. and v.* (האב׳־ע־נאב׳) ז. ***hobnob***

hob′badehoy′ *n.* (האב׳־ע־די־האי׳) ז. ***hobbledehoy***

hob′ble *v. and n.* (האבל) אונטערשפרינגען, געהן אויף קוליעס, הינקען; פערבינדען די פיס [פון פערד]; פענטען; שטערען, ברייננגען אין פערלעגענהייט, מאכען שוועריגקייטען; דאס אינטערשפרינגען, דאס הינקען, אומגעלומפערטער גאנג; שטערונג, שוועריגקייט, פערלעגענהייט; עטוואס וואס שטערט אין גאנג; א פענטע.

hob′bledehoy *n.* (האב׳ל־די־האי) א האלב־דערוואקסענער [א איינגעל צווישען 14 און 21 יאהר]; אן אומגעלומפערטער, ניט פאלשטענדיג ענטוויקעלטער יונג, א "דראנג".

hob′bledygee′ *adv.* (האב׳ל־די־דזשי׳) אונטערהינקענדיג; אויף א שפרינגענדען אופן.

hob′ble o′ver. (האבל או׳־ווער) אבפארטאטשעווען, אבטאנדעטעווען.

hob′bler *n.* (האב׳־לער) איינער וואס הינקט אדער שפרינגט אונטער.

hob′blingly *adv.* (האב׳־לינג־לי) הינקענדיג; אונטערשפרינגענדיג; ווי עס איז, אבי־ווי.

hob′by *n.* (האב׳־אי) 1. א קליין פערדעל, א פאני; 2. א שטעקען־פערד, אויף וועלכען קינדער רייטען; 3. א ליעבלינגס־פונקט, א שוואכקייט [דאס, צו וואס א מענש גיט זיך אב אם ליעבסטען]; 4. א קליינער פאלק־פויגעל אדער סאקאל.

3. His hobby is collecting autographs.

hob′by-horse *n.* (האב׳־אי־האהרס) א הילצערן פערדעל, אויף וועלכען קינדער רייטען; א ליעבלינגס־פונקט, א שוואכקייט [א זאך, צו וועלכער א מענש איז אם שטארקסטען איבערגעגעבען]; א מין וועלאסיפעד.

hobgob′lin *n.* (האב־גאב׳־לין) א בייזער רוח, א שד, א ניט־גוטער; דאס וואס רופט ארויס פחד און שרעק.

hob′like *a.* (האב׳־לאיק) פויעריש, גראב.

hob′nail *n.* (האב׳־נייל) א קורץ טשוועקעל מיט א דיקען קעפעל, מיט וועלכען מען שלאגט צו פאדעשוועס צו גראבע שיך.

hob′nailed *a.* (האב׳־ניילד) וואס איז בעשלאגען מיט קליינע טשוועקלעך מיט גרויסע קעפלעך; וועלכער טראגט שיך בעשלאגען מיט אזעלכע טשוועקלעך.

hob′nob′ *adv. and v.* (האב׳־נאב׳) יא אדער ניין, ענטוועדער—אדער [אן איינלאדונג צו טרינקען לחיים]; אויף גאט׳ס בעראט; זאל זיין וואס עס וויל; אבקלאפען די גלעזער; טרינקען לחיים; פיהרען א פריינדליכען געשפרעך.

ho′bo *n.* (האו׳־באו) אן ארומשלעפער, א בראדיאגע, א מענש וואס האט ניט קיין היים און שלעפט זיך ארום פון ארט צו ארט.

Hob′son′s choice (האב׳־סאנז טשאיס) א וואהל אהן א ברירה [ענטוועדער דאס אדער גארנישט].

Hob′s pound (האבז פאונד) א שוועריגקייט, א פערלעגענהייט.

hock *n. and v.* (האק) די קניע־ביינער פון די הינטערשטע פיס ביי א פיער־פיסיגער חיה; די קניע־אדערען; מאכען הינקענדיג דורך׳ן איבערשניידען די קניע־אדערען פון די הינטערשטע פיס; ווייסער דייטשער וויין.

hock′ey *n.* (האק׳־אי) א מין שפיעל אין פילקעס אדער באלען, וואו דער שפיעלער האלט אן אויסגעבויגענעם שטעקען און סטארעט זיך ארייַנצוטרייבען זיין פילקע אין דעם געגנער׳ס פעלד; דער אויסגעבויגענער שטעקען וואס ווערט געברויכט אין דיעזען שפיעל.

hock′-glass *n.* (האק׳־גלעס) א גרין אדער רויט גלאז, וואס ווערט בענוצט צום טרינקען ווייסען וויין.

hock′-herb *n.* (האק׳־הוירב) די מאלווע [א מין גראז מיט גרויסע רויטע און ווייסע בליטהען. וואקסט אפט אויף קופעס מיסט און אויף וועגען].

hock′le *v.* (האקל) מאכען הינקעדיג; איבערשניידען דעם קניע־אדער.

hock′-leaf *n.* (האק׳־ליעף) ז. ***hock-herb***

Hock′-Mon′day *n.* (האק׳־מאנ׳־דיי) דער צווייטער אדער דריטער מאנטאג נאך דעם קריסטליכען פסח.

ho′cus *v.* (האו׳־קאס) אבטהאן א שטוקע אדער א שפיצעל; בעשווינדלען, בעטריגען; איינגעבען א שלאף־געטראנק מיט דעם ציעל צו בערויבען.

ho′cus-po′cus *n., v. and a.* (האו׳־קאס־פאו׳־קאס) האקוס־פאקוס, קונצען־מאכעריי; א דריידעל, א שווינדעל, א שטוקע, א שפיצעל; בעשווינדלען אדער בעטריגען דורך א שפיצעל; וואס בעשווינדעלט דורך א שפיצעל.

hod *n. and v.* (האד) א מין מולטער אויף א שטעקען, אין וועלכער די מויערער טראגען וואפנע [ז. איל]; אן עמער, אין וועלכען מען האלט שטיין־קויהלען; א מין לייט־רעהרעל, וואס ווערט בענוצט ביים מאכען צינענע געשיר; טרייסלען, הויבען זיך ארויף און אראב [ווי ביים רייטען אויף א פערד].

Hod

hod′-car′rier *n.* (האד׳־קער׳־אי־ער) אן ארבייטער, וועלכער טראגט ציעגעל און וואפנע אין א מולטער אויף א שטעקען.

hod′den *n.* (האדן) ז. ***hodden-gray***

hod′den-gray′ *n.* (האד׳נ־גריי׳) א סערמיגע, גראבע ניט געפארבטע געוואנד, פון וועלכער פויערים פלעגען מאכען זייערע קליידער.

hod′dy-dod′dy *n.* (האד׳־אי־דאד׳־אי) א נארישער קאפ, א שוטה.

hodge *n.* (האדזש) א ישובניק, א פויער, א גראבער יונג.

hodge′podge *n.* (האדזש׳־פאדזש) א גערייכט פון פערשיעדענע איבערגעבליבענע שטיקלעך; א געמישעכץ; א מיש־מאש.

hodier′nal *a.* (האו־די־אויר׳־נעל) היינטיג, פון היינטיגען טאג.

hod′man *n.* (האד׳־מען) א ציעגעל־דערלאנגער ביים בויען הייזער; אן ארויסהעלפער פון א מויערער.

hodom′eter *n.* (הא־דאמ׳־ע־טער) אן אדאמעטער [אזא אינסטרומענט וואס בעווייזט די צאהל וויפיעל מאל א ראד פון א וואגען האט זיך אומגעדרעהט, כדי צו וויסען דעם מהלך וואס מען איז אבגעפאהרען].

hoe *n. and v.* (האו) א מין לאפעטקע צו גראבען אדער בראנעווען ערד און אויסרייסען גראז פון א פעלד אדער גארטען; א יעט־העקעל; גראבען אדער בראנעווען ערד; יעטען [אויסרייסען ווילדע גראזען פון א גארטען אדער פעלד].

Hoes

hoe′-cake *n.* (האו׳־קייק) א מין דין און טרוקען קיכעל געבאקען פון קוקורוזע־מעהל מיט זאלץ אין וואסער.

hog *n. and v.* (האג) ; א חזיר ; א שווייַן, אן אייניאהריגען שעפס ; א זשערעבטשיק, א לאשעק, א יונג פערדעל ; א מענש מיט א חזיר'שער נאטור, א גראבער יונג, א דבר אחר ; א מין בארשט, מיט וועלכער מען רייניגט דעם דעק פון א שיף אונטער'ן וואסער ; זיך בענעהמען אויף א חזיר'שען אופן ; זיין זשעדנע, גייציג ; זיין אויסגע-בויגען ווי דער רוקען פון א חזיר [ווענען דעם אונטערשטען דעק פון א שיף] ; שניי-דען אדער רייניגען דעם אונטערשטען דעק פון א שיף.

hog'-bean *n.* (האג'-ביען) בילזען-קרויט [א מין גיפטיג גראז]. ז. *henbane*.

hog'-cote *n.* (האג'-קאוט) א שווייַנען-שטאל.

hogged *a.* (האגד) וואס די ברעגעס זיי-נען איינגעפאלען אדער געזונקען [ווענען א שיף, וואס האט זיך אבגעשלאגען אן א שטיין אדער וועלכע איז ניט ריכטיג גע-בויט].

hog'gish *a.* (האג'-איש) שווייניש ; מיט א חזיר'שער נאטור, גראב, פרעסעריש, קארג.

hog'gishly *adv.* (האג'-איש-לי) מעשה חזיר, ווי א דבר-אחר ; גראב, פרעסעריש, קארג.

hog'gishness *n.* (האג'-איש-נעס) א חזיר'שע נאטור ; חזיריי, פרעסעריי ; שמוּ-ציגקייט.

hog'gism *n.* (האג'-איזם) ז. *hoggishness*.

hog'herd *n.* (האג'-הוירד) א חזירים-פאסטוך, איינער וואס פיטערט חזירים.

hog'-louse *n.* (האג'-לאוס) א חזיר-לויז [א מין ווערימלעך אדער זשוקלעך, וועגען וועלכע מען גלויבט, אז בעת זיי ווייזען זיך אין א גרויסער צאהל, איז א סמן, אז באלד וועט זיין א רעגען].

hog'-mane *n.* (האג'-מיין) די גריווע אדער די האר וואס וואקסען אויף'ן נא-קען פון א פערד אבגעשארען אזוי, עס זאל שטארצען ווי חזיר-האר.

hog'nut *n.* (האג'-נאט) דער נוס פון א גע-וויסען מין נארד-אמעריקאנישע נוס-בוי-מער, וועלכער ענטהאלט פיער קערנדלעך אדער יאדרעס.

hog'-pea'nut *n.* (האג'-פיע'-נאט) א נארד-אמעריקאנישע פלאנצע מיט רויטלי-כע בליטהען, אויף וועלכער עס וואקסען א מין צווייערדיגע שויטען [סטרוטשקעס] מיט קליינע בעבלעך.

hog'-pen *n.* (האג'-פען) ז. *hog-cote*.

hog'-plum *n.* (האג'-פלאם) די חזיר-פלוים [א מין פרוכט פון א נארד-אמערי-קאנישען בוים, וועלכע ווערט געברויכט אלס פוטער פאר חזירים].

hog'-reeve *n.* (האג'-ריעוו) א בעאמ-טער וואס איז אנגעשטעלט ניט צו דער-לאזען אז חזירים זאלען אנמהאן היזק אין די הויפען און גערטנער פון די איינוואה-נער.

hog'-ring'er *n.* (האג'-רינג'-ער) איינער וואס טהוט אן א רינג א חזיר אויף'ן שנוק [כדי ער זאל ניט גראבען די ערד] ; א מין צוויינגעל, מיט וועלכען מען טהוט אן א רינג אויף דעם שנוק פון א חזיר.

hog's'-bean *n.* (האגז'-ביען) ז. *hog-bean*.

hog's'-fen'nel *n.* (האגז'-פענ'-על) חזיר'שע קימעל-גראז [א מין ביטער גראז וואס וואקסט אין שמוציגע ערטער].

hogs'head *n.* (האגז'-הער) אן ענגלישע מאס פון וויין און ביער [63 גאלאן אדער טעפ] ; א וויין-פעסעל, א ביער-פעסעל.

hog'-shear'ing *n.* (האג'-שיער'-אינג) א גרויסער טומעל צוליעב גארנישט.

hog'skin *n.* (האג'-סקין) חזיר-לעדער ; חזיר'שע פעל.

hog'-sty *n.* (האג'-סטאי) ז. *hog-cote*

hog'-wal'low *n.* (האג'-וואל'-או) א גרודיגע אדער געגרונצעלטע פלעבע, א פלע-כע וואס איז פול מיט טהאלען און בערג-לעך.

hog'wash *n.* (האג'-הוואש) פאמויניצע-וואסער, דאס וואס מען ווארפט ארויס פון קיך און מען גיט חזירים.

hog'weed *n.* (האג'-הוויעד) גיפטיגע אונ-קרויט.

hoicks *int. and v.* (האיקס) ז. **hoics**.

hoics *int. and v.* (האיקס) א צורוף צו הינד זיי אנצורייצען ; אויפמונטערען אדער אנרייצען הינד.

hoi'den *n., a. and v.* (האידן) אן אויס-געלאסען מיידעל ; גראב, אונארטיג, אויס-געלאסען ; ווילד שטיפען, טהאן מעשים תעתועים.

hoi'denhood *n.* (האי'דן-הוד) גראב-קייט ; אונארטיגקייט ; אויסגעלאסענהייט.

hoi'denish *a.* (האי'דן-איש) גראב ; אונ-ארטיג ; אויסגעלאסען.

hoi'denism *n.* (האי'דן-איזם) גראבקייט; אונארטיגקייט ; אויסגעלאסענהייט.

hoigh *int.* (האי) היי ! ז. **hoy**

hoist *v. and n.* (האיסט) ארויפציהען, אויפהויבען ; דאס ארויפציהען ; דאס ארויף-הויבען ; א הויב ; א הויב-מאשין, אן עלע-וואטאר ; די הויך פון אן אויפגעצויגענעם פלאג ; עטליכע פלאגען צוזאמען אויף א שיף, וועלכע ווערען ארויסגעשטעלט פאר סיגנאלען.

hois'ter *n.* (האיס'-טער) איינער וואס הויבט אדער ציהט ארויף ; א הויב-מאשין, אן אויפצוגס-אפאראט, אן עלעוואטאר.

hois'ting *n.* (האיס'-טינג) דאס ארויף-ציהען ; דאס ארויפהויבען.

hoist'way *n.* (האיסט'-הוויי) די עפנונג פון איין עטאזש צום צווייטען, דורך וועל-כער עס ווערט ארויף און אראבגעבראכט סחורה אין א וואארען-הויז אדער מאגאזין; די עפנונג דורך וועלכער עס געהט דער עלע-וואטאר [אויפצוגס-אפאראט].

hoi'ty-toi'ty *int. and a.* (האי'-טי-טאי'-טי) בא ! נא דיר ! אט האסטו דיר ! לייכטזיניג, אונבעזאנען, ניט איבערלעגט.

ho'ky-po'ky *n.* (האו'-קי-פאו'-קי) אייז-קרעם [מאראזשענע] פערקויפט אין קליינע שטיקלעך אויף'ן גאס.

hol'cad *n.* (האל'-קעד) אין אלטען גרי-כענלאנד — א שיף צו פיהרען סחורות.

hold *v. and n.* (האולד) האלטען ; צוריק-האלטען ; ענטהאלטען ; צוזאמענהאלטען ; אויפהאלטען ; אנהאלטען ; אונטערהאלטען, שטיצען ; האבען, בעזיצען ; מיינען, האל-טען פאר עפעס ; זיך האלטען ביי עפעס ; זיך אנהאלטען ; זיך האלטען ; בלייבען ; פארטהייערען ; אבהאלטען, שטעהן בליי-בען ; דאס האלטען ; לאנד-בעזיץ ; פערמע-גען ; אונטערשטיצונג ; פערהאלטונג ; ארעס-טירונג, פערהאפטונג ; געפאנגענשאפט ; א בעפעסטיגונג, א זיכערער ארט, א פעס-טונג ; אין מוזיק — א רוהע-צייכען [א צייכען אין נאטען וואס בעדייטעט א פויזע] ; דער פראכט-רוים פון א שיף.

hold a can'dle to the dev'il (האולד ע קענדל טו טהי דעוול) אונטערהעלפען דעם טייוועל אין זיין ארבייט [אונטער-שטיצען א פערברעכער].

hold aloof' (האולד ע-לוהף') זיך האלטען פון ווייטען.

hold an ac'tion (האולד ען עק'-שאן) פיהרען א פראצעס.

hold'back *n.* (האולד'-בעק) א צוריק-האלט, א הינדערניס, א שטערונג.

hold'-beam *n.* (האולד'-ביעם) איינער פון די אונטערשטע שטיץ-באלקענס פון א שיף, וועלכע געהען קווער פון איין זייט שיף צו דער אנדערער.

hold by the but'ton (האולד באי טהי באטן) האלטען פאר'ן קנעפעל [אנטשעפען זיך מיט א געשפרעך און ניט אבלאזען].

hold care'lessly (האולד קעהר'-לעס-לי) שעצען נידריג.

hold chat (האולד טשעט) פלוידערען.

hold cheap (האולד טשיעפ) גרינגשע-צען.

hold cop'y (האולד קאפ'-אי) האלטען דעם מאנוסקריפט ביים לעזען די קארעק-טור [ווי דאס טהוט דער געהילף פון א קארעקטאר].

hold coun'sel (האולד קאונ'-סעל) זיך בעראטען.

hold down a claim (האולד דאון ע קליים) אנהאלטען א שטיק לאנד אזוי לאנג, דאס מען זאל קענען עס ערקלערען פאר אייגענטום לויט דעם געזעץ פון חזקה.

hol'der *n.* (האול'-דער) א האלטער ; א בעזיצער ; א הענטעל ; אן ארבייטער אין דעם לאסט-רוים פון א שיף.

hol'der-forth *n.* (האול'-דער-פאורטה) א פארטרעגער, א פרעדיגער.

hold'fast *n.* (האולד'-פעסט) עטוואס וואס האלט פעסט, ווי א קלאמער, א צוואנג, א האקען, א קרוק א. ד. ג. ; שטיצע, אונ-טערהאלט.

hold forth (האולד פאורטה) ; פארלעזען ארויסשטעלען צום שיין ; אנבאטען ; האל-טען א פארטראג ; פרעדיגען ; פראקלאמי-רען.

hold good (האולד גוד) גילטען, בלייבען אין קראפט, ריכטיג זיין ; זיך גוט ערהאל-טען. The rule holds good in all cases.

hold in (האולד אין) האל-; איינהאלטען ; טען אין זיך ; צוריקהאלטען, האלטען אין צוים.

hold in bal'ance (האולד אין בעל'-ענס) זיך וואקלען, זיין אין אן אונזיכערען צושטאנד.

hold in contempt' (האולד אין קאנ-טעמפט') מבזה זיין, פעראכטען, מאכען צו קליינגעלד.

I hold him in contempt who turns traitor to his people.

hol'ding *n.* (האול'-דינג) די פאכטונג, ארענדע [בעזאנדערס לאנד אין ארענדע] ; בעזיץ ; אייגענטום ; איינפלוס, ווירקונג ; מאכט.

hol'ding-ground *n.* (האול'-דינג-גראונד) א פעראנקערונגס-גרונד [אן ארט וואו דער אנקער פון א שיף ווערט גוט פעסטגעהאלטען].

hold in hand (האולד אין הענד) האב-בען אין האנד [האבען די קאנטראל] ; האלטען אויף'ן שטריקעל [האלטען אין א צושטאנד פון אונגעוויסהייט] ; געבען גו-טע האפנונג אויף עפעס.

hold in lea'guer (האולד אין ליע'-גער) בעלאגערען.

hold in play (האולד אין פליי) האלטען פערנומען ; אנהאלטען די אויפמערקזאמ-קייט.

hold in pledge (האולד אין פלעדזש) האלטען פאר א משכון.

hold of (האולד אוו) בעזיצען דורך דער בעװויליגונג פון...

hold off (האולד אף) זיך האלטען פון װייטען.

hold on (האולד אן) אנהאלטען, פארט־זעצען; אבהאלטען, אבשטעלען.

hold one's breath (האולד הוואנז ברעטה) איינהאלטען דעם אטהעם.

hold one's hands (האולד הוואנז הענדז) אבהאלטען אימעצען פון עפעס צו טהאן.

hold one's nose (האולד הוואנז נאוז) פערשטעלען די נאז.

hold one's own (האולד הוואנז אוון) האלטען זיך אויף'ן פלאץ, זיך ניט לאזען נעהמען.

He is holding his own in spite of his serious illness.

hold one's peace (האולד הוואנז פיעס) זיך רוהיג פערהאלטען; שטיל זיין.

hold one's tongue (האולד הוואנז טאנג) האלטען דאס מויל; זיין שטיל.

hold out (האולד אוט) 1. אויסברייטען, אויסציהען; אנבאטען, פארלעגען; 2. אויס־האלטען, אויסשטעהן.

1. Don't hold out promises while you can not fulfil. 2. The enemy is holding out longer than was expected.

hold o'ver (האולד או'-װער) אבלעגען, אבהאלטען צוליעב עפעס.

hold'-o'ver *n.* (האולד'-או'-װער) א בע־אמטער װאס בלייבט אין זיין אמט איבער זיין רעגולארען טערמין; א פערהאלטונגס־ארט, א געפענגניס.

hold pace with (האולד פיים וויטה) אנהאלטען דעם שריט, מיטהאלטען, מיט־געהן.

hold place (האולד פליים) ליך פעסט־האלטען, זיך גוט פערטיידיגען.

hold tack with (האולד טעק וויטה) מיטהאלטען.

hold terms (האולד טוירמז) האלטען אן אבמאך.

hold the belt (האולד טהי בעלט) זיין א טשעמפיאן [זיין דער זיעגרייכער, בע־זאנדערס אין אטלעטישע איבונגען, ווי פויסטען־קאמפף, ראנגלען א. ד. ג.].

hold the mar'ket (האולד טהי מאר'-קעט) קאנטראלירען דעם מארק [קאנטרא־לירען די פרייזען אויף סחורות, וואס ווע־רען געבראכט אין מארק; ניט האבען קיין קאנקורענטען].

hold togeth'er (האולד טו-געטה'-ער) צוזאמענהאלטען, בלייבען פעראייניגט.

hold true (האולד טרוה) 1. טריי בליי־בען; 2. ריכטיג בלייבען.

1. Hold true to your belief. 2. It still holds true that America is the land of opportunity.

hold up (האולד אפ) אבשטעלען און בע־רויבען; האלטען גראד; אויפהויבען אין דער הויך; אונטערשטיצען, אונטערהאל־טען; אויפהערען; אנהאלטען דעם שריט, אנהאלטען די געשווינדקייט.

hold up one's hands (האולד אפ הוואנז הענדז) אונטערשטיצען; געבען הילף; צוגעבען מוטה.

Good citizens always hold up the hands of the government officials.

hold'-ups *n.* (האולד'-אפס) רויבער־איי־בערפאלען אויף'ן וועג אדער אין גאס.

hold up the hands of (האולד אפ טהי הענדז אוו) אונטערשטיצען; געבען הילף; צוגעבען מוטה.

hold up to shame (האולד אפ טו שיים) מאכען צו שאנד און צו שפאט; צו־בינדען צום שאנד־קלאץ.

hold watch (האולד וואטש) שטעהן אויף דער וואך.

hold wa'ter (האולד הוואה'-טער) ניט דורכלאזען קיין וואסער; זיין דורך און דורך פעסט און זיכער; אבשטעלען א שי־פעל דורך האלטען די רודער געגען שטראם.

hole *n. and v.* (האול) א לאך, א גרוב, א הויהל, אן עפנונג; א פינסטערע בעהעל־טעניש; א פינסטערע פערשטיקטע וואה־נונג; א נארע, א קאנורע [פון א חיה]; אן איינשניט אין ברעג פון ים, א קליינער האפען; א שמאלער וואסער־וועג צווישען צוויי אינזלען; א פלאכע לאנקע צווישען בערג; א שווערע לאגע, א פערלעגענהייט; מאכען א לאך; ארייןטרייבען אין א לאך, אין א בעהעלטעניש אדער נארע; פערקרי־כען אין א לאך אדער נארע [הויפטזעכ־ליך וועגען חיות, ווען זיי שלאפען איין אום ווינטער].

hole'-and-cor'ner *a.* (האול'-ענד-קאר'-נער) קונציג, שווינדלעריש.

hole in one's coat (האול אין הוואנז קאוט) א פלעק אויף דער רעפוטאציע, א שוואכער פונקט אין איינעמס כאראקטער אדער רעפוטאציע.

hole'-stitch *n.* (האול'-סטיטש) דאס אויסנעהען לעכלעך אין די דיקע טיילען פון קישען־האפטונג.

holeth'nos *n.* (הא-לעטה'-נאס) א פרי־מיטיווע ראסע, וועלכע איז נאך ניט צו־טיילט אויף בעזונדערע פעלקער און שבטים.

hol'iday *n. and a.* (האל'-אי-דיי) א פעסט־טאג, א יום־טוב; א פרייער טאג; יום־טוב'דיג.

ho'liness *n.* (האו'-לי-נעס) הייליגקייט; דאס זיין געהייליגט אדער געווידמעט צו גאט און גאטעס־דיענסט; דער טיטעל פון פאפסט אדער פון א הויכען גייסטליכען.

ho'ling-ax *n.* (האו'-לינג-עקס) א קווער־האק [אזא שמאלע האק].

hol'la *v., n. and int.* (האל'-א) שרייען, רופען, אויסשרייען; א געשריי, א רוף; היי!

hol'land *n. and a.* (האל'-ענד) האלענ־דער לייווענט; געמאכט פון האלענדער לייווענט.

Hol'lander *n.* (האל'-ענ-דער) א האלענ־דער.

hol'lands *n.* (האל'-ענדז) האלענדער בראנפען.

hol'ler *v., n. and int.* (האל'-ער) *hollo* ז.

hollo' *v., n. and int.* (הא-לאו') שרייען, רופען, צורופען; א געשריי, א צורוף; היי!

hol'loa *v. and int.* (הא'-לאו) שרייען, רופען, צורופען; היי!

hol'low *n., a., v. and adv.* (האל'-או) אן אויסהוילונג; א פערטיעפונג; א ניד־ריגע געגענד [צווישען בערג], א טהאל; אויסגעהוילט, איינגעפאלען, איינגעזונקען; לעער, ליידיג, פוסט, אהן זיז, אהן בעדיי־טונג, אהן אינהאלט, ווערטהלאז; דומפ; ניט אויפריכטיג, פאלש, בעטריגעריש; פאלשטענדיג; צופלאכטען, צושויבערט [ווי וואל]; אויסהוילען, אויסביינגען; אהן צווייפעל, דורכאויס, דורך און דורך.

hol'low-backed *a.* (האל'-או-בעקט) מיט א געבויגענעם רוקען.

hol'low-boned *a.* (האל'-או-באונד) הויט־און־ביינער.

hol'low brick (האל'-או בריק) אויסגע־הוילטע, געלעכערטע ציעגעל.



Hollow Bricks

hol'low-cheeked *a.* (האל'-או-טשיעקט) מיט איינגעפאלענע באקען.

hol'low-eyed *a.* (האל'-או-איד) מיט איינגעזונקענע אויגען.

hol'low-hear'ted *a.* (האל'-או-הארְ-טעד) ניט אויפריכטיג, פאלש.

hol'low-horn *n.* (האל'-או-הארן) הויל־הארנדיגקייט [אזא קראנקהייט ביי בהמות וואס בעשטעהט אין דעם פערלוסט פון דעם ביין וואס געפינט זיך אין די הערנער].

hol'low-horned *a.* (האל'-או-הארנד) מיט אויסגעהוילטע הערנער.

hol'lowly *adv.* (האל'-א-לי) אויסגע־הוילט, פוסט, לעער; איינגעפאלען; ניט אויפריכטיג, פאלש; זינלאז, אהן אינהאלט, אהן בעדייטונג.

hol'lowness *n.* (האל'-א-נעס) אויסגע־הוילטקייט, איינגעפאלענקייט; לעדיגקייט, לעערקייט, פוסטקייט; אונאויפריכטיגקייט, פאלשקייט; זינלאזיגקייט, אינהאלטלאזיג־קייט, בעדייטונגסלאזיגקייט, ווערטהלאזיג־קייט.

hol'low of the hand (האל'-או אוו טהי הענד) די האנד־פלעכע [די דלא־ניע].

hol'lowroot *n.* (האל'-או-רוהט) ביזאנט־קרויט [א נידריג מאט־גרין שמעקענדיג גראז פון די קאלטע לענדער. וואקסט צווי־שען קוסטעס אין פייכטע ערטער].

hol'low sound (האל'-או סאונד) א דומפפער קלאנג; א פוסטער קלאנג.

hol'low-toned *a.* (האל'-או-טאונד) וואס גיט ארויס דומפפע קלאנגען.

hol'low-ware *n.* (האל'-או-הוועהר) גוס־אייזערנע קיך־כלים; דאס פלייש פון יאגד־פויגעל, האזען א. ד. ג. וואס ווערט פערקויפט אין גאנצען ניט אין שטיקער.

hol'ly *n.* (האל'-אי) [א שטעך־פאלמע] די מין בוים אדער קוסט מיט שפיציגע בלע־טער און ווייסע בלומען. זיין פרוכט איז עהנליך צו רויטע יאגדעס. ז. איל.]; דער שטיין־דעמב [אן אייביג גרינער דעמב אין די הייסע לענדער].

Holly

hol'lyhock *n.* (האל'-אי-האק) א מין גראז מיט ברייטע רונדע בלעטער און מיט ווייסע, געלבע אדער רויטע בלומען.

hol′ly-oak *n.* (האל'-אי-אוק) ז. *holm-oak*.

hol′ly-tree *n.* (האל'-אי-טריע) די שטעך-פאלמע. ז. *holly*.

holm *n.* (האולם) א קליינער אינזעל אין א טייך; א נידריגער ברעג ביי א טייך בעוואקסען מיט גראז; א לאנקע; די שטעך-פאלמע; דער שטיין-דעמב. ז. *holly*.

holm′-oak *n.* (האולמ'-אוק) דער שטיין-דעמב [אן אייביג גרינער דעמב פון די הייסע לענדער].

hol′ocaust *n.* (האל'-א-קאהסט) א קרבן-עולה, א בראנד-אפפער; א גרויסע שחיטה פון מענשען.

hol′ograph *n.* (האל'-א-גרעף) א פאפיער געשריבען מיט דער אייגענער האנד [ווי א בריעף, א מאנוסקריפט, א צואה א. ד. ג.].

holograph′ic *a.* (האל-א-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו א שריפט געשריבען מיט דער אייגענער האנד.

holograph′ical *a.* (האל-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *holographic*.

holom′eter *n.* (הא-לאמ'-ע-טער) אזא מאטעמאטישער אינסטרומענט אויסצורעכענען יעדע ארט לענג,ברייט אדער הויך.

hol′ophote *n.* (האל'-א-פאוט) דער ליכט-אפאראט וואס ווערט בענוצט אין א לייכט-טורם אדער מאיאק.

holophotom′eter *n.* (האל-א-פא-טאמ'-ע-טער) אזא אינסטרומענט צו מעסטען ליכט אין אלע ריכטונגען.

hol′ster *n.* (האול'-סטער) א לעדערנער טאש צו האלטען א פיסטאלעט.

hol′stered *a.* (האול'-סטערד) וואס האט א פיסטאלעטען-טאש.

ho′ly *a.* (האו'-לי) הייליג; פערהייליגט; בעשטימט פאר רעליגיעזע צוועקען.

Ho′ly Alli′ance (האו'-לי ע-לאי'-ענס) דער הייליגער פערבאנד [א פערבאנד פון דער רוסישער, עסטרייכישער און פרייסישער רעגיערונג, וועלכער האט זיך אויסגעבילדעט נאך נאפאלעאן'ס נידערלאגע אין יאהר 1815, מיט דעם ציעל ניט צו דערלאזען אין איירָאפא קיינע רעוואלוציאנערע בעוועגונגען און איינשטעלען אומעטום די אלטע רעגיערונגס-פארמען].

ho′ly bread (האו'-לי ברעד) דאס הייליגע ברויט [דאס ברויט וואס ווערט בענוצט אין קירך ביים הייליגען אבענדמאל].

ho′ly cit′y (האו'-לי סיט'-אי) די הייליגע שטאדט [ווי ביי די אידען און קריסטען — ירושלים, ביי די מאכמעדאנער — מעקקא, ביי די קאטוילִיקען — רוים א. ד. ג.].

ho′ly-cru′el *a.* (האו'-לי-קרוה'-על) גרויזאם, אכזר'יש אין רעליגיעזע התלהבות אדער פאנאטיזם.

ho′ly-day *n.* (האו'-לי-דיי) א הייליגער טאג, א רעליגיעזער יום-טוב.

Ho′ly Fath′er (האו'-לי פאטה'-ער) ביי די קאטוילִיקען — דער הייליגער פאטער, דער פאפסט.

Ho′ly Ghost (האו'-לי גאוסט) אין דער קריסטליכער רעליגיאנס-לעהרע — דער הייליגער גייסט [די דריטע פערזאן אין דער "הייליגער דריי-אייניגקייט"].

ho′ly grass (האו'-לי גרעס) דאס מאריען-גראז [א מין שמעקעדיג גראז, וואס די פויערים אין איירָאפא לעגען אפט אויס ארום די טהירען פון זייערע קירכען אין א יום-טוב].

Ho′ly Land (האו'-לי לענד) דאס הייליגע לאנד, פאלעסטינא, ארץ-ישראל.

Ho′ly Of′fice (האו'-לי אפ'-איס) די אינקוויזיציאן.

ho′ly of ho′lies (האו'-לי אוו האו'-ליז) דאס אלערהייליגסטע, קדשי-קדשים.

Ho′ly One (האו'-לי הוואן) דער אלערהייליגסטער, דער רבונו של עולם, גאט.

Ho′ly Rood (האו'-לי רוהד) דער הייליגער קרייץ; דער קרייץ איבער דעם אריינגאנג אין געוויסע קאטוילישע קירכען.

Ho′ly-Rood day (האו'-לי-רוהד-דיי) דער טאג פון דער ערהויבונג פון קרייץ [א געוויסער קריסטליכער יום-טוב].

Ho′ly Sat′urday (האו'-לי סעט'-אויר-דיי) דער שבת וואס איז ערב דעם קריסטליכען פסח.

Ho′ly Scrip′tures (האו'-לי סקריפ'-טשורז) די הייליגע שריפטען [אלטער און נייער טעסטאמענט].

Ho′ly See (האו'-לי סיע) דער פאפסטליכער טהראן, הויף אדער אמט.

Ho′ly Spir′it (האו'-לי ספיר'-איט) ז. *Holy Ghost*.

ho′lystone *n. and v.* (האו'-לי-סטאון) א מין ווייכער שטיין, מיט וועלכען די מאטראזען שייערען דעם דעק פון א שיף ביים וואשען איהם; שייערען דעם דעק פון א שיף מיט דיעזען שטיין.

ho′ly this′tle (האו'-לי טהיסל) אזא שטעכיג גראז מיט געלבע בליטהען, וואס מען פלעגט בענוצען אלס מיטעל געגען סם.

ho′ly-tide *n.* (האו'-לי-טאיד) יום-טוב-צייט.

ho′ly war (האו'-לי וואהר) א קרייץ-צוג, א מלחמה, וועלכע איז אנגעפיהרט געווארען אין נאמען פון רעליגיאן [בעזאנדערס די מלחמות, וועלכע די קריסטליכע פעלקער האבען אין מיטעלאלטער געפיהרט געגען די טערקען מיט דעם ציעל צו בעפרייען פאלעסטינא און מאכען זי פאר א קריסטליכער מלוכה].

ho′ly wa′ter (האו'-לי וואה'-טער) דאס הייליגע וואסער וואס ווערט געברויכט אין די קריסטליכע קירכען ביים טויפען.

Ho′ly Week (האו'-לי הוויעק) די הייליגע וואך [די וואך פאר דעם קריסטליכען פסח אין וועלכער עס ווערט ניט געשפיעלט קיין מוזיק].

ho′ly writ (האו'-לי ריט) די הייליגע שריפט [כתבי הקדש].

hom′age *n.* (האמ'-עדזש) רעספעקט, אכטונג, פערעהרונג, דאס אבגעבען כבוד; די אונטערוואָרפענהייט אדער די פפליכטען פון וואסאלען [אין דער פעאדאלער ארדנונג] און זייער פערעהרונג צום לארד; א טרייהייטס-שבועה פון די וואסאלען.

hom′ager *n.* (האמ'-ע-דזשער) אן אונטערגעווארפענער, א וואסאל; איינער וואס צייגט ארויס אכטונג אדער פערעהרונג; א לויב-רעדנער.

homaloi′dal *a.* (האמ-ע-לאי'-דעל) אין געאמעטריע — עהנליך צו א פלעכע; פלאך.

hom′arine *a. and n.* (האמ'-ע-רין) עהנליך צו אן אמאר [ים-ראק, ים-קרעבס]; אן אמאר.

homatom′ic *a.* (האמ-ע-טאמ'-איק) וואס בעשטעהט פון איין און דעמזעלבען מין אטאמען. ז. *atom*.

home *n., a., v. and adv.* (האום) א היים; היימאטה; א פאטערלאנד; א הויז, א וואהנונג; אן אזיל [א פערזארגונגס-אנשטאלט]; אין פערשיעדענע אטלעטישע שפיעלען — א פלאץ, צו וועלכען דער שפיעלער לויפט, א ציעל; היימיש; וואס איז צום פונקט, ווירקענד; אין אטלעטישע שפיעלען — נאהענט צום בעשטימטען ציעל, ענדליך, וואס מאכט מעגליך דעם שפיעלער צו דערגרייכען דעם ציעל; וואהנען; אינסטינקטיוו זיך אומקעהרען אהיים [וועגען פאסט-טויבען]; ברייגען אדער שיקען אהיים; צום בעשטימטען פונקט, צום ציעל; צופרידענשטעלענד, ווירקענד, נאהנט, פעסט.

home′-affairs′ *n.* (האומ'-ע-פעהרז') אינערליכע אנגעלעגנהייטען [פון א שטאאט]; הויזליכע אנגעלעגענהייטען.

home′-bird *n.* (האומ'-בוירד) א פויגעל וואס איז אויסגעהאדעוועט געווארען אין א הויז; א קינד וואס איז אויסגעוואקסען אונטער דעם איינפלוס פון דער היים; א זיידען קינד, דער "מאמעס קדיש"; א הויזזיצער.

home′-born *a.* (האומ'-בארן) וואס איז א געבירטיגער אדער איינגעבארענער פון דעם לאנד; וואס איז שייך צו א היים; היימיש; אינלענדיש.

home′-bound *a.* (האומ'-באונד) וואס געהט אהיים [וועגען שיפען אדער שיפרייזענדע וועלכע קעהרען זיך אום פון א פרעמדען לאנד אהיים].

home′-bred *a.* (האומ'-ברעד) אויפגעצויגען אין דער היים; ניט ציוויליזירט, גראב; היימיש, אינלענדיש; נאטירליך; איינגעבארען.

home′-brew *n.* (האומ'-ברוה) ביער וואס ווערט געברייט אין דער היים אדער פאר אייגענעם געברויך.

home′-brewed *a.* (האומ'-ברוהד) געברייט אין דער היים אדער פאר אייגענעם געברויך [וועגען ביער און אנדערע משקאות].

home′-child *n.* (האומ'-טשאילד) א זיידען קינד; א קינד וואס האלט זיך ביי דער מאמעס פארטוך.

home′-com′ing *n.* (האומ'-קאמ'-אינג) דאס צוריקקעהרען אהיים.

Home Depart′ment (האום די-פארט'-מענט) דאס מיניסטעריום פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען [אין ענגלאנד].

home′-driv′en *a.* (האומ'-דריוו'ן) פעסט ארייננעשלאגען.

home′-dwell′ing *a.* (האומ'-דהוועל'-אינג) וואס האלט זיך אין הויז, וואס פערברייננט מעהרסטענס אין דער היים.

home farm (האום פארם) א פערמע וואס איז ניט פערדונגען און איז אין געברויך פון דעם לארד אליין [אין ענגלאנד]; די פערמע אדער דער טייל פון דער פערמע וואס איז אם נעהנטסטען צום לארד'ס הויז.

home′-felt *a.* (האומ'-פעלט) היימליך, אינערליך [געפיהלט], פריוואט.

home field (האום פיעלד) דאס לאנד אונטער און ארום די פערמע-געביידעס.

home′-keep′ing *a.* (האומ'-קיעפ'-אינג) ז. *home-dwelling*.

home′less *a.* (האומ'-לעס) אהן א היים, היימלאז.

home′like *a.* (האומ'-לאיק) היימיש, היימליך; בעקוועם, אנגענעהם; וואס דערמאהנט אן דער היים; פאמיליאר.

home′likeness *n.* (האומ'-לאיק-נעס) היימישקייט; בעקוועמליכקייט, אנגענעהמליכקייט; פאמיליאריטעט.

home′lily *adv.* (האומ'-לי-לי) אויף א היימישען שטייגער; גראב, איינפאך.

home′liness *n.* (האומ'-לי-נעס) היימישקייט, הויזליכקייט; גראבקייט, איינפאכקייט.

home'ly *a.* (האומ׳-לי) היימיש, הויז־ליך; איינפאך, גראב, ניט שעהן.

home'-made *a.* (האומ׳-מייד) אייגען־געמאכט, געמאכט אין דער היים, היימיש; געמאכט אין לאנד [ניט אין אויסלאנד].

home man'ners (האום מענ׳-ערז) גראבע, ניט געשליפענע מאניערען.

Home Of'fice (האום אפ׳-איס) מיניס־טעריום פון אינערען [אין ענגלאנד].

ho'meopath *n.* (האו׳-מי-א-פעטה) ז. *homeopathist*.

homeopath'ic *a.* (האו-מי-א-פעטה׳-איק) האמעאפאטיש, וואס איז שייך צו האמעאפאטיע. ז. *homeopathy*.

homeopath'ical *a.* (האו-מי-א-פעטה׳-אי-קעל) ז. *homeopathic*.

homeopath'ically *adv.* (האו-מי-א-פעטה׳-אי-קעל-אי) דורך האמעאפאטיע, האמעאפאטיש. ז. *homeopathy*.

homeop'athist *n.* (האו-מי-אפ׳-ע-טהיסט) א האמעאפאט, איינער וואס פראק־טיצירט האמעאפאטיע אדער גלויבט אין האמעאפאטיע. ז. *homeopathy*.

homeop'athy *n.* (האו-מי-אפ׳-ע-טהי) האמעאפאטיע [די מעדיצינישע הייל־מע־טאדע, וועלכע איז געגרינדעט אויף דער מיינונג, אז היילען א קראנקהייט דארף מען מיט א מיטעל, וואס וואלט ביי א געזונדען מענשען ארויסגערופען דיזעלבע קראנקהייט, און אז די הייל־מיטלען דארף מען געבען אין זעהר קליינע דאזען. ווען למשל, איינער האט זיך איבערגעהיצט, דארף מען איהם היילען מיט הייסען וואס־סער].

ho'mer *n.* (האו׳-מער) א טויב, וועלכע איז געלערענט צוריק צו קומען אהיים פון ווייטע שטרעקען; דער עומר [אן אלט־העברעאישע מאס פאר תבואה אדער וויין].

Homer'ic *a.* (הא-מער׳-איק) וואס איז שייך צום גריכישען פאעט האמער, צו זיין צייט אדער זיינע שריפטען.

Homer'ical *a.* (הא-מער׳-אי-קעל) ז. *Homeric*.

home rule (האום רוהל) א פאליטישע פראגראם, לויט וועלכער א געוויסער טייל פון א מלוכה, ווי א שטאט, פראווינץ א. ד. ג., בענוצט זיך מיט זעלבסטפערוואל־טונג און מיט אן אייגענער געזעצגעבונג בנוגע צו איהרע אינערליכע ענינים.

home'-ru'ler *n.* (האומ׳-רוה׳-לער) אן אנהענגער פון די פרינציפען פון זעלבסט־פערוואלטונג. ז. *home rule*.

Home Sec'retary (האום סעק׳-רי-טע-רי) דער מיניסטער פון אינערען [אין ענגלאנד].

home'sick *a.* (האומ׳-סיק) וואס בייינקט נאך דער היים, וואס ליידט היים־וועה.

home'sickness *n.* (האומ׳-סיק-נעס) דאס בייינקען נאך דער היים, היים־וועה.

home'-speak'ing *n.* (האומ׳ ספיק׳-אינג) א קרעפטיגע און איינדרוקספאלע רעדע; דאס רעדען צו דער זאך.

home'spun *a. and n.* (האומ׳-ספאן) געשפונען צו הויז; איינפאך, גראב, שלעכט; געמאכט אין דער היים; היימישע צייג.

home'stall *n.* (האומ׳-סטאהל) אן ארום־געצאמטער ארט פאר פיה אין אן ענגלי־שען דארף.

home'stead *n.* (האומ׳-סטעד) די ערד וואס בעלאנגט צו א הויז; א וואהנונגס־ארט, א היים.

home'-trade *n.* (האומ׳-טרייד) אינלענ־דישער האנדעל.

home'ward *adv.* (האומ׳-הווארד) א היים־צו, אויף׳ן וועג צו דער היים.

home'ward-bound *a.* (האומ׳-הווארד-באונד) וואס געהט צוריק אהיים [וועגען א שיף אדער רייזענדע אויף׳ן ים].
We met a homeward-bound steamer.

home'wards *adv.* (האומ׳-הווארדז) ז. *homeward*.

hom'icidal *a.* (האמ׳-אי-סאי-דעל) מער־דעריש; בלוטיג; וואס פיהרט צו מענשען־מארד.

hom'icidally *adv.* (האמ׳-אי-סאי-דעל-אי) מערדערליך; אויף א מערדערישען אופן; מיט דעם ציעל צו ערמארדען.

hom'icide *n.* (האמ׳-אי-סאיד) מענשען־מארד, טויט־שלאג; א מערדער, א טויט־שלעגער.

hom'icide by adven'ture (האמ׳-אי-סאיד באי עד-ווענ׳-טשור) א מארד דורך א צופאל אדער בשוגג [ניט ווילענדיגער־הייד].

homilet'ic *a.* (האמ-אי-לעט׳-איק) הא־מילעטיש, וואס איז אין דעם סטיל אדער כאראקטער פון א פרעדיגט; וואס איז שייך צו א פרעדיגט; וואס איז שייך צו דער קונסט פון פרעדיגען.

homilet'ical *a.* (האמ-אי-לעט׳-אי-קעל) האמילעטיש, וואס איז אין דעם סטיל אדער כאראקטער פון א פרעדיגט אדער דרשה.

homilet'ics *n.* (האמ-אי-לעט׳-איקס) הא־מילעטיק, די קונסט פון פרעדיגען; דער טייל פון רעטאריק [רעדע־קונסט] וואס פערנעהמט זיך מיט דער קונסט פון פרע־דיגען.

homilia'rium *n.* (האמ-אי-לי-איי׳-רי-אם) א בוך פאר פרעדיגער.

hom'iliary *n.* (האמ׳-אי-לי-איי-רי) א זאמעל־בוך פון פרעדיגער־רעדען [דרשות].

hom'ilist *n.* (האמ׳-אי-ליסט) איינער וואס פערפאסט רעדעס פאר פרעדיגער; א קירכען־פרעדיגער.

hom'ily *n.* (האמ׳-אי-לי) א פרעדיגט אדער דרשה וואס ערקלערט פסוקים פון דער ביבעל; א קירכען־רעדע, א פרעדיגט.

hom'inal *a.* (האמ׳-אי-נעל) מענשליך; וואס איז נוגע צום מענשען.

ho'ming *n. and a.* (האו׳-מינג) דאס געהן אהיים; אומקעהרענדיג זיך אהיים; וואס האט די אייגענשאפט זיך אומצוקעה־רען אהיים [וועגען געוויסע חיות און פוי־געל, ווי טויבען, למשל].

hom'iny *n.* (האמ׳-אי-ני) קאשע געקאכט פון גרייפלעך פון געטריקענטען מאאיס [קוקורוזע אדער טערקישע ווייץ].

hom'mock *n.* (האמ׳-אק) ז. *hummock*.

hom'mocky *a.* (האמ׳-אק-אי) ז. *hummocky*.

homobar'ic *a.* (האו-מא-בער׳-איק) פון גלייכער געוויכט.

homocategor'ic *a.* (האו-מא-קעט-אי-גאר׳-איק) וואס בעלאנגט צו דערזעלבינער קאטעגאריע.

homocen'tric *a.* (האו-מא-סענ׳-טריק) וואס האט דעמזעלבינען צענטער [מיטעל־פונקט].

ho'modont *a.* (האו׳-מא-דאנט) וואס האט אלע צייהנער גלייך.

homod'romal *a.* (הא-מאד׳-רא-מעל) ז. *homodromous*.

homod'romous *a.* (הא-מאד׳-רא-מאס) וואס לויפט אין דערזעלבער ריכטונג [וועגען די בלעטער פון א פלאנצע].

ho'mœopath *n.* (האו׳-מי-א-פעטה) ז. *homeopathist*.

homœopath'ic *a.* (האו-מי-א-פעטה׳-איק) ז. *homeopathic*.

homœopath'ical *a.* (האו-מי-א-פעטה׳-אי-קעל) ז. *homeopathic*.

homœopath'ically *adv.* (האו-מי-א-פעטה׳-אי-קעל-אי) ז. *homeopathically*.

homœop'athist *n.* (האו-מי-אפ׳-ע-טהיסט) ז. *homeopathist*.

homœop'athy *n.* (האו-מי-אפ׳-ע-טהי) ז. *homeopathy*.

ho'mogen *n.* (האו׳-מא-דזשען) א האמא־גענע [גלייכארטיגע] סטרוקטור אדער זאך; איינער וואס שטאמט אב פון דיע־זעלבינע אדער גלייכארטיגע עלטערען.

homoge'neal *a.* (האו-מא-דזשי׳-ני-על) ז. *homogeneous*.

homogene'ity *n.* (האו-מא-דזשי-ני׳-אי-טי) גלייכארטיגקייט, גלייכפערמיגקייט.

homoge'neous *a.* (האו-מא-דזשי׳-ני-אס) האמאגען, גלייכארטיג, גלייכפערמיג.

homoge'neously *adv.* (האו-מא-דזשי׳-ני-אס-לי) אויף א האמאגענעם, גלייכארטי־גען אופן.

homoge'neousness *n.* (האו-מא-דזשי׳-ני-אס-נעס) גלייכארטיגקייט, גלייכ־פערמיגקייט.

homogen'esis *n.* (האו-מא-דזשען׳-ע-סיס) אין ביאלאגיע — דער געוועהנליכער גאנג פון אבשטאמונג וואו די קינדער זיי־נען ענליך צו די עלטערען און מאכען דורך דעמזעלבינען ענטוויקלונגס־וועג.

homogenet'ic *a.* (האו-מא-דזשי-נעט׳-איק) וואס מאכט דורך דעמזעלבינען ענט־וויקלונגס־וועג ווי זיינע עלטערען; וואס האט די גלייכע אבשטאמונג.

homoge'neum *n.* (האו-מא-דזשי׳-ני-אם) עטוואס וואס איז האמאגען אדער גלייכארטיג.

homog'enize *v.* (הא-מאדזש׳-ע-נאיז) מאכען האמאגען, גלייכארטיג אדער גלייכ־פערמיג.

homog'enous *a.* (הא-מאדזש׳-ע-נאס) וואס האט דיזעלבינע אבשטאמונג; וואס קומט פון דערזעלבינער קוועלע.

homog'eny *n.* (הא-מאדזש׳-ע-ני) די גלייכע נאטור פון עפעס; גלייכארטיגקייט; בלוט־פערוואנדשאפט צווישען חיות.

ho'moglot *a.* (האו׳-מא-גלאט) וואס בע־זיצט דיזעלבינע שפראך.

ho'mograph *n.* (האו׳-מא-גרעף) א ווארט וואס ווערט פונקט געשריבען ווי אן אנדער ווארט אבער עס האט אן אנדער אבשטאמונג און אן אנדער בעדייטונג [ווי די ווערטער "אדער", "רוקען" א. ד. ג.].

homograph'ic *a.* (האו-מא-גרעפ׳-איק) האמאגראפיש, בענוצענדיג אין יעדען פאל דיזעלבינע בוכשטאבען ארויסצוברייננגען דעמזעלבינען קלאנג. ז. *homography*.

homog'raphy *n.* (הא-מאג׳-רע-פי) די רעפרעזענטירונג פון יעדען קלאנג מיט א בעזונדערען בוכשטאב, וועלכער ווערט בע־נוצט נור פאר דיזען קלאנג אליין.

homohe'dral *a.* (האו-מא-הי׳-דרעל) וואס האט גלייכע זייטען.

Homoiou'sian *n. and a.* (האו-מאי-אוה׳-סי-ען) א האמויזיאנער [אן אנהע־נער פון א קריסטליכער סעקטע, וואס בע־הויפטעט, אז די נאטור פון קריסטוס איז נור ענליך צו גאט אבער זי איז ניט דיע־זעלבינע ווי פון גאט]; וואס איז שייך צו די האמויזיאנער אדער צו זייער גלויבען.

homoiou'sian *a.* (הא-מאי-אוה'-סי-ען) וואס האט אן עהנליכע נאטור.

homol'ogal *a.* (הא-מאל'-א-געל) ז. *homologous*

homol'ogate *v.* (הא-מאל'-א-גייט) ערלויבען; גוט-הייסען, מסכים זיין, בעשטעטיגען.

homologa'tion *n.* (הא-מאל-א-גיי'-שאן) א הסכמה, א גוט-הייסונג, א בעשטעטיגונג.

homolog'ic *a.* (האו-מא-לאדזש'-איק) ז. *homological*

homolog'ical *a.* (האו-מא-לאדזש'-אי-קעל) גלייכפערמיג, עהנליך, פערוואנדט; שטעהענדיג אין בעציהונג אדער פערהעלטניס; אין געאמעטריע — וואס שטעלט פאר צוויי פיגורען אין איין פלעכע, וועלכע שטעהען אין אזא בעציהונג, דאס איינע קען זיין די פראיעקציאן פון דער צווייטער.

homolog'ically *adv.* (האו-מא-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף אן עהנליכען אדער גלייכפערמיגען אופן; אין אן עהנליכען זין.

homol'ogize *v.* (הא-מאל'-א-דזשאיז) מאכען עהנליך אדער גלייכארטיג; ארויסשטעלען די עהנליכע בעציהונגען אדער פערוואנדשאפט; זיין אין עהנליכע בעציהונגען; זיין גלייכארטיג אדער גלייכפערמיג.

homol'ogon *n.* (הא-מאל'-א-גאן) עטוואס וואס איז עהנליך, גלייכארטיג אדער גלייכפערמיג מיט אן אנדער זאך.

homol'ogous *a.* (הא-מאל'-א-גאס) גלייכארטיג, גלייכפערמיג, גלייכווערטהיג; פון א גלייכער פראפארציע; עהנליך; ענטשפרעכענד.

homolograph'ic *a.* (הא-מאל-א-גרעפ'-איק) וואס שטעלט פאר די ריכטיגע פראפארציע פון טיילען.

ho'mologue *n.* (האו'-מא-לאג) עטוואס וואס איז גלייכארטיג, גלייכפערמיג אדער גלייכווערטהיג; עטוואס וואס איז אין א גלייכער פראפארציע.

homol'ogy *n.* (הא-מאל'-א-דזשי) דאס זיין גלייכארטיג, גלייכפערמיג אדער גלייכווערטהיג; דאס זיין ענטשפרעכענד אדער אין א גלייכער פראפארציע אין געבוי אדער אייגענשאפטען.

homom'eral *a.* (הא-מאמ'-ע-רעל) וואס זיינען גלייך אין אלע זייערע טיילען [וועגען זאכען].

homomor'phism *n.* (האו-מא-מאר'-פיזם) אויסערליכע עהנליכקייט.

homomor'phous *a.* (האו-מא-מאר'-פאס) עהנליך נור אין פארם; אויסערליך עהנליך.

ho'momorphy *n.* (האו'-מא-מאר-פי) ז. *homomorphism*

hom'ony *n.* (האמ'-א-ני) ז. *hominy*

ho'monym *n.* (האו'-מא-נים) אווארט אדער אויסדרוק וואס האט מעהרערע בעדייטונגען; א ווארט וואס האט דיעזעלבע אויסשפראכע ווי אן אנדערס אבער האט ניט דיעזעלבע בעדייטונג. ז. *homograph*

ho'monyme *n.* (האו'-מא-נים) ז. *homonym*

homonym'ic *a.* (האו-מא-נימ'-איק) וואס האט דעמזעלבען נאמען אדער קלאנג.

homonym'ical *a.* (האו-מא-נימ'-אי-קעל) ז. *homonymic*

homon'ymous *a.* (הא-מאנ'-אי-מאס) וואס האט דעמזעלבען נאמען; וואס דריקט אויס דעמזעלבען בעגריף; וואס האט דיעזעלבע בעדייטונג; וואס האט דעמזעלבען קלאנג.

homon'ymously *adv.* (הא-מאנ'-אי-מאס-לי) אויף א גלייך-בעדייטענדען אדער גלייך-לויטענדען אופן.

homon'ymy *n.* (הא-מאנ'-אי-מי) דאס זיין גלייך אין נאמען אבער ניט אין בעדייטונג.

Homoou'sian *n. and a.* (האו-מא-אוה'-סי-ען) א האמאוזיאנער, אן אנהענגער פון דער ארטאדאקסישער קריסטליכער בעהויפטונג, אז די נאטור און דער וועזען פון קריסטוס איז איינס און דאסזעלבע וואס פון גאט [אין געגענזאץ צו די האמויזיאנער וועלכע בעהויפטען, אז זיי זיינען נור עהנליך אבער ניט איינס און דאסזעלבע]; וואס איז שייך צו די האמאוזיאנער אדער צו זייער גלויבען.

homoou'sian *a.* (האו-מא-אוה'-סי-ען) וואס האט דיעזעלבע נאטור.

ho'mophone *n.* (האו'-מא-פאון) א גלייך-לויטענדער בוכשטאב, א בוכשטאב וואס דריקט אויס דעמזעלבען קלאנג ווי אן אנדערער; א ווארט וואס האט דעמזעלביגען קלאנג ווי אן אנדערס אבער אן אנדער בעדייטונג.

homophon'ic *a.* (האו-מא-פאנ'-איק) וואס האט דעמזעלבען קלאנג.

homoph'onous *a.* (הא-מאפ'-א-נאס) גלייך-קלינגענד. ז. *homophonic*

homoph'ony *n.* (הא-מאפ'-א-ני) די גלייכקייט אין קלאנג.

homoplas'mic *a.* (האו-מא-פלעז'-מיק) ז. *homoplastic*

ho'moplasmy *n.* (האו'-מא-פלעז-מי) דאס זיין אויסערליך עהנליך.

ho'moplast *n.* (האו'-מא-פלעסט) אן ארגאן אדער טייל וואס האט אן אויסערליכע עהנליכקייט צו אן אנדערען.

homoplas'tic *a.* (האו-מא-פלעס'-טיק) וואס איז אויסערליך עהנליך אבער קומט פון אן אנדער אבשטאמונג.

ho'moplasy *n.* (האו'-מא-פלעס-אי) דאס זיין אויסערליך עהנליך אבער פון אן אנדער אבשטאמונג.

Homop'tera *n.* (הא-מאפ'-טע-רא) די גלייך-פליגלער אדער ציקאדען [א געוויסער מין אינזעקטען פון פערשיעדענע פארמען מיט גרויסע פליגלען, וועלכע זיינען מייסטענס צונויפגעלעגט אין א שרעגער ריכטונג].

homop'terous *a.* (הא-מאפ'-טער-אס) וואס איז נוגע אדער עהנליך צו די גלייך-פליגלער אדער ציקאדען. ז. *Homoptera*

homother'mous *a.* (האו-מא-טהויר'-מאס) וואס האט דיעזעלביגע קערפערליכע טעמפעראטור; וואס האט די קערפערליכע טעמפעראטור פון א חיה.

homot'onous *a.* (הא-מאט'-א-נאס) וואס האט דעמזעלבען טאן; וואס איז פון דעמזעלבען גראד [וועגען קראנקהייטען].

ho'motype *n.* (האו'-מא-טאיפ) אין ביאלאגיע — וואס איז געבויט נאך דעמזעלביגען פלאן אדער טיפ; אן ארגאן אדער א טייל פון אן ארגאן וואס איז סימעטריש מיט אדער גלייך צו אן אנדער ארגאן פון קערפער.

homotyp'ic *a.* (האו-מא-טיפ'-איק) פון דעמזעלביגען טיפ; סימעטריש מיט אן אנדער קערפערליכען ארגאן אדער א טייל פון איהם.

The right hand is **homotypic** of the left.

homotyp'ical *a.* (האו-מא-טיפ'-אי-קעל) ז. *homotypic*

ho'motypy *n.* (האו'-מא-טאי-פי) די סימעטרישע סטרוקטור-בעציהונג צווישען די צוויי זייטען פון קערפער [פון דער רעכטער און לינקער].

homun'cular *a.* (הא-מאנ'-קיו-לאר) עהנליך צו א קליין מענשעלע אדער צו א קארליק; ווי א קליין מענשעלע, ווי א קארליק.

homun'culus *n.* (הא-מאנ'-קיו-לאס) א קליין מענשעלע, א צווערג, א קארליק; א פאנטאסטיש מענשעלע, געבארען אהן א מוטער, וואס בעזיצט א מאגישע קראפט.

Hon. אן אבקירצונג פון דעם ווארט *Honorable* אדער *Honorary*

hone *n. and v.* (האון) א שלייף-שטיין, א שארף-שטיין [הויפטזעכליך צום אבציהען גאל-מעסערס]; א געשווילעכץ אויף דער באק; שארפען, שלייפען [אויף א שארף אדער שלייף-שטיין]; בענקען.

Hones

hon'est *a.* (אנ'-עסט) ארענטליך, טוגענדהאפט, עהרליך; אויפריכטיג; ווירקליך; אפענהערציג; וואס מאכט דעם איינדרוק אדער דעם אנשטעל פון עהרליכקייט.

hon'est crust (אנ'-עסט קראסט) כשר פערדיענטע חיונה.

hon'est-hear'ted *a.* (אנ'-עסט-האר'-טעד) אויפריכטיג, עהרליך, נעטריי.

hon'estly *adv.* (אנ'-עסט-לי) אויף אן ארענטליכען, טוגענדהאפטען, עהרליכען, אפענהערציגען אדער אויפריכטיגען שטייגער; אויף עהרען-ווארט.

hone'stone *n.* (האונ'-סטאון) אזא הארטער שטיין [ווערט געברויכט פאר שארף-שטיינער].

hon'est tar (אנ'-עסט טאר) א ריכטיגער מאטראז.

hon'esty *n.* (אנ'-עס-טי) ארענטליכקייט, טוגענדהאפטיגקייט, עהרליכקייט; אפענהערציגקייט; אויפריכטיגקייט; דער זילבער-בלאט [א מין קליינע פלאנצע, ביי וועלכער די שייד-ווענטלעך זיינען זעהר דורכזיכטיג].

hone'wort *n.* (האונ'-הוואירט) אזא פלאנצע, וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען אלס א מיטעל געגען געשווילעכץ.

hon'ey *n., a. and v.* (האנ'-אי) האניג; זיסינקער, זיסינקע [אלס אויסדרוק פון ליעבע און צערטליכקייט]; זיס; האניג-זיס; צערטליך ריידען, חנפנ'ען; פערזיסען; פערזיסען מיט האניג.

hon'ey-ant *n.* (האנ'-אי-ענט) די האניג-מוראשקע [אזא קליינע מוראשקע אין די זיד-וועסט טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. אין דעם מאגען פון א געוויסען טייל פון דיעזע מוראשקעס זאמלען די איבריגע מוראשקעס אן האניג, וועלכען זיי געברויכען דאן, ווען זיי געפינען ניט קיין שפייז]. ז. *honey-bearer*

hon'ey-bag *n.* (האנ'-אי-בעג) דער האניג-מאגען [דער טייל פון דעם מאגען ביי ביענען, וואו זיי האלטען דעם האניג].

ichthyophthal'mite *n.* (איק-טהי-אפ-טהעל'-מאיט) דאס פיש־אויג [א געוויסער מינעראל].

ich'thyosaur *n.* (איק'-טהי-א-סאהר) ז. *Ichthyosaurus*.

ichthyosau'rus *n.* (איק-טהי-א-סאה'-ראס) דער איכטיאזאור [די ריעזיגע פיש־יאשטשערקע פון די אור־אלטע דורות].

Ichthyosaurus

ichthyo'sis *n.* (איק-טהי-או'-סיס) דער שופען־אויסשלאג [א מין הויט־קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט זעהט אויס ווי בע־דעקט מיט הארטע, טרוקענע שופען].

i'cicle *n.* (אי'-סיקל) אן אייז־ליכטעל אדער אייז־צאפען [א שפיציג שטיקעל אייז וואס הענגט אראב פון דאך].

i'cicled *a.* (אי'-סיקלד) וואס איז בע־האנגען מיט אייז־ליכטלעך אדער אייז־צאפענס: ז. *icicle*.

i'cily *adv.* (אי'-סי-לי) קאלט, פראסטיג.

i'ciness *n.* (אי'-סי-נעס) אייזיגקייט, פראסטיגקייט, קאלטקייט.

i'cing *n.* (אי'-סינג) צוקער־גלאזור [אויף געבעקס].

i'con *n.* (אי'-קאן) אן איקאנע [א בילד פון א קריסטליכען הייליגען]; א בילד; אן אילוסטראציע [אין א וויסענשאפטלי־כע בוך].

icon'ic *a.* (אי-קאנ'-איק) בילדליך, וואס איז שייך צו א בילד אדער פארטרעט; וואס איז שייך אדער עהנליך צו אן אי־קאנע [א הייליג בילד].

icon'ical *a.* (אי-קאנ'-אי-קעל) ז. *iconic*.

i'conism *n.* (אי'-קאנ-איזם) א פיגור: א

בילד; אן עהנליכקייט; דאס פארשטעלען אין בילדער.

i'conize *v.* (אי'-קאנ-איז) אויסדריקען אין בילדער, מאכען אן עהנליכקייט.

icon'oclasm *n.* (אי-קאנ'-א-קלעזם) איקאנאקלאזם, דאס צוברעכען הייליגע בילדער, הייליגקייט=פערשוועכונג, אן אנגריף אויף אלטע, פערהייליגטע גלויבענס און אינסטיטוציאנען.

icon'oclast *n.* (אי-קאנ'-א-קלעסט) אן איקאנאקלאסט, א צוברעכער פון הייליגע בילדער, א הייליגקייט=פערשוועכער, איינער וואס גרייפט אן פערהייליגטע גלויבענס אדער אינכטיטוציאנען.

iconoclas'tic *a.* (אי-קאנ-א-קלעס'-טיק) איקאנאקלאסטיש. ז. *iconoclasm*

iconograph'ic *a.* (אי-קאנ-א-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו פארשטעלונגען אין בילדער אדער סטאטוען; אילוסטרירענד.

iconog'raphy *n.* (אי-קא-נאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון בילדער אדער סטאטועז; דאס פארשטעלען אין בילדער; אילוסטראציאנען.

iconol'ater *n.* (אי-קא-נאל'-ע-טער) א בילדער=פערגעטערער; איינער וואס דיענט צו בילדער אדער סטאטוען; א געצענדיענער.

iconol'atry *n.* (אי-קא-נאל'-ע-טרי) בילדער=פערגעטערונג, געצענדיענעריי.

iconol'ogist *n.* (אי-קא-נאל'-א-דזשיסט) איינער וואס שטודירט בילדער און סטאטוען.

iconol'ogy *n.* (אי-קא-נאל'-א-דזשי) א בעשרייבונג פון בילדער, צייכנונגען, סטאטוען א. ז. וו.; די קונסט פון מאלען, גראווירען א. ז. וו.

iconom'achist *n.* (אי-קא-נאמ'-ע-קיסט) אן איקאנאקלאסט; איינער וואס איז געגען דעם געברויך פון איקאנען [הייליגע בילדער]. ז. *iconoclast*

iconom'achy *n.* (אי-קא-נאמ'-ע-קי) געגנערשאפט צו איקאנען [הייליגע בילדער].

iconomat'ic *a.* (אי-קאנ-א-מעט'-איק) אויסדריקענד געדאנקען אדער ווערטער דורך בילדער.

iconomat'icism *n.* (אי-קאנ-א-מעט'-אי-סיזם) בילדער=שריפט.

icosahe'dral *a.* (אי-קא-סע-הי'-דרעל) וואס בעשטעהט פון צוואנציג פלעכען [וועגען געאמעטרישע קערפער].

icosahe'dron *n.* (אי-קא-סע-הי'-דראן) אן איקאסאעדער [א געאמעטרישער קערפער וואס בעשטעהט פון צוואנציג פלעכען].

icosan'der *n.* (אי-קא-סענ'-דער) א פלאנצע מיט צוואנציג שטויב=פעדים.

Icosan'dria *n.* (אי-קא סענ'-דרי-א) דער מין פלאנצען וואס האבען צוואנציג שטויב=פעדים.

icosan'drian *a.* (אי-קא-סענ'-דרי-ען) וואס איז שייך צו דעם מין פלאנצען וואס האבען צוואנציג שטויב=פעדים.

icosan'drous *a.* (אי-קא-סענ'-דראס) ז. *icosandrian*

icosidodecahe'dron *n.* (אי-קא-סי-דאו-דעק-ע-הי'-דראן) א געאמעטרישער קערפער וואס בעשטעהט פון דרייסיג פלעכען.

icosihe'dral *a.* (אי קא סי הי'-דרעל) ז. *icosahedral*

icosihe'dron *n.* (אי-קא-סי-הי'-דראן) ז. *icosahedron*

icter'ic *a. and n.* (איק-טער'-איק) געלבזיכטיג; וואס היילט געלבזוכט; א מיטעל געגען געלבזוכט.

icter'ical *a.* (איק-טער'-אי-קעל) געלבזיכטיג; וואס היילט געלבזוכט.

icteri'tious *a.* (איק-טע-ריש'-אס) געל; וואס זעהט אויס ווי געלבזיכטיג.

icter'itous *a.* (איק-טער'-אי-טאס) ז. *icteritious*

ic'teroid *a.* (איק'-טע-ראיד) ז. *icteritious*

ic'terus *n.* (איק'-טע-ראס) געלבזוכט; א געלקייט אויף פלאנצען וואס קומט פון קעלט אדער פייכטקייט.

ic'tus *n.* (איק'-טאס) א שלאג, א קלאפ [ווי למשל, פון פולס]; אן אונטערשטרייכונג [אין ריידען] פון א ווארט אדער זילבע; אן אקצענט.

i'cy *a.* (אי'-סי) אייזיג; געפרארען, אייז קאלט; קאלט, אונפריינדליך, גלייכגילטיג.

i'cyness *n.* (אי'-סי-נעס) ז. *iciness*

i'cy-pearled *a.* (אי'-סי-פוירלד) בעפערלט מיט אייז=שטיקלעך.

I'd (איד) אן אבקירצונג פון די ווערטער *I would, I should, I had.*

id. אן אבקירצונג פון *idem*

Ida. אן אבקירצונג פון *Idaho* [אידעהא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד אמעריקא].

Ida'lian *a.* (אי-דיי'-לי-ען) וואס איז שייך צו אידאליע [אן אלט=גריכישע שטאדט אין ציפערן] אדער צו דער געטין ווענוס, צו וועלכער די שטאדט איז געווען געהייליגט.

ide'a *n.* (אי-די'-א) אן אידעע, א פארשטעלונג, א בעגריף; א געדאנק, א מיינונג; אן אבזיכט.

ideag'enous *a.* (אי-די-עדזש'-ע-נאס) וואס רופט ארויס אידעען, פארשטעלונגען אדער בעגריפען.

ide'al *a. and n.* (אי-די'-על) אידעאל; וואס עקזיסטירט נור אין דער פארשטעלונג; וואס איז אונמעגליך צו פערווירקליכען; ניט רעאל; וואס איז די העכסטע שטופע פון פאלקאמענהייט; מוסטערהאפט; אידעאליסטיש; אן אידעאל.

ide'aless *a.* (אי-די'-ע-לעס) אהן אידעען, אהן בעגריפען, אהן געדאנקען.

idealisa'tion *n.* (אי-די-ע-לי-זיי'-שאן) ז. *idealization*

ide'alise *v.* (אי-די'-ע-לאיז) ז. *idealize*

ide'alism *n.* (אי-די'-ע-ליזם) אידעאליזם; די פילאזאפישע שיטה וואס בעטראכט די ווירקליכקייט בלויז אלס פראדוקט פון אונזער פארשטעלונג [דאס הייסט, אז די וועלט איז ניט מעהר ווי אונזער אידעע]; די שטרעבונג צו אן אידעאל; דאס שטרעבען צו פאלקאמענהייט; דאס בעהאנדלען זאכען אידעאליסטיש, לויט דער פארשטעלונג פון פאלשטענדיגער פאלקאמענהייט; אין קונסט — די שטרעבונג פארצושטעלען עטוואס פאלקאמענעם.

ide'alist *n.* (אי-די'-ע-ליסט) אן אידעאליסט, אן אנהענגער פון אידעאליזם, אן אונפראקטישער מענש, א טרוימער. ז. *idealism*

idealis'tic *a.* (אי-די-ע-ליס'-טיק) אידעאליסטיש; וואס איז שייך צום אידעאליזם; וואס איז שייך אדער וואס שטרעבט צו אידעאלען, וואס שטרעבט צו פאלקאמענהייט. ז. *idealism*

ideal'ity *n.* (אי-די-על'-אי-טי) דאס זיין אידעאל, דאס זיין אין געגענזאץ צו דער ווירקליכקייט; די פעהיגקייט צו שאפען אידעאלען, אן אידעאל, א ניט=ווירקליכקייט.

idealiza'tion *n.* (אי-די-על-אי-זיי'-שאן) דאס שאפען אן אידעע אדער געדאנק; דאס אידעאליזירען, דאס פארשטעלען א זאך מעהר פאלקאם און בעסער איידער זי איז אין דער ווירקליכקייט.

ide'alize *v.* (אי-די'-ע-לאיז) אידעאליזירען; אויסבילדען פארשטעלונגען אדער בעגריפען; זיך פארשטעלען, זיך מאכען א בעגריף.

ide'ally *adv.* (אי-די'-על-אי) אין געדאנק; לויט דער פארשטעלונג; אידעאל, מוסטערהאפט.

idea'tion *n.* (אי-די-איי'-שאן) די אויסבילדונג פון אידעען אדער פארשטעלונגען.

idea'tional *a.* (אי-די-איי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו דער פעהיגקייט אויסצובילדען אידעען.

i'dem *adv.* (אי'-דעם) דאסזעלבינע, פון דערזעלבער שטעלע, ווי פאראהער [ווערט געברויכט אין ביכער ביי ברייגגען א ציטאטע, אנווייזענדיג, אז זי איז גענומען פון זעלבינען ארט, פון וועלכען עס איז גענומען די פריהעריגע ציטאטע].

iden'tic *a.* (אי-דענ'-טיק) אידענטיש, נעמליך, זעלביג, גלייך.

iden'tical *a.* (אי-דענ'-טי-קעל) אידענטיש; וואס איז דאסזעלבע; וואס מען קען ניט אונטערשיידען.

iden'tically *adv.* (אי-דענ'-טי-קעל-אי) אויף דערזעלבער ארט.

iden'ticalness *n.* (אי-דענ'-טי-קעל-נעס) נעמליכקייט, זעלביגקייט, גלייכקייט.

iden'tifiable *a.* (אי-דענ'-טי-פאי-עבל) וואס קען אידענטיפיצירט ווערען; וואס קען זיין דאסזעלבע.

identifica'tion *n.* (אי-דענ-טי-פי-קיי'-שאן) דאס אידענטיפיצירען, דאס ערקלערען פאר נעמליך אדער דאסזעלבע.

iden'tify *v.* (אי-דענ'-טי פאי) אידענטיפיצירען, ערקלערען פאר זעלביג אדער נעמליך [בעווייזען דאס עפעס איז דיזעלבינע זאך]; ווערען איינס און דאסזעלבינע.

iden'tiscope *n.* (אי-דענ'-טי-סקאופ) א פאטאגראפיש בילד אין לעבענס=גרויס.

iden'tity *n.* (אי-דענ'-טי-טי) גלייכקייט, נעמליכקייט, זעלביגקייט.

i'deogram *n.* (אי'-די-א-גרעם) אן אידעאגראמע, א פיגור אדער צייכנונג וואס בעצייכענט ניט א בוכשטאב, נאר א גאנץ ווארט אדער פראזע [ווי די כינעזישע שריפט א. ד. ג.].

i'deograph *n.* (אי'-די-א-גרעף) א בוכשטאב, צייכען אדער פיגור, וועלכער דריקט אויס די אידעע אדער פארשטעלונג פון א זאך, ניט אנרופענדיג זי מיט'ן נאמען.

ideograph'ic *a.* (אי-די-א-גרעפ'-איק) אידעאגראפיש, וואס בעצייכענט זאכען און געדאנקען אהן די נעמען, וועלכע זיי האבען אין דער שפראך [ווי למשל, אין די עגיפטישע היעראגליפען — א שיסעלע מיט וואסער, וואס גיסט זיך אריבער פון די ברעגעס, האט בעצייכענט דעם טייך נילוס].

ideograph'ical *a.* (אי-די-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *ideographic*

ideograph'ically *adv.* (אי-די-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף אן אידעאגראפישען שטייגער. ז. *ideographic*

ideog'raphy *n.* (אי-די-אג'-רע-פי) אידעאגראפיע [דאס בעצייכנען זאכען און

גערדאנקען אהן די נעמען וואס זיי האבען אין דער שפראך, ווי היערָאגליפען].

ideolog'ical *a.* (אי-די-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס געהערט צו דער לעהרע וועגען אידעען.

ideol'ogist *n.* (אי-די-אל'-א-דזשיסט) אן אידעאלאג, איינער וועלכער גיט זיך אב מיט אידעען אדער אידעאלען, וועלכע האבען ניט קיין ווירקליכען ווערטה; איינער וועלכער בויט אן אידעאלען פלאן פון צוקינפטיגען לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאקטען פון לעבען, אויף וויפיעל זיי גיבען א מעגליכקייט צו פערווירקליכען אזא פלאן; אן אנהענגער פון דער אידעאלאגישער לעהרע. ז. *ideology*.

ideol'ogy *n.* (אי-די-אל'-א-דזשי) אידעאלאגיע, די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון אידעען.

ide'ophone *n.* (אי-די'-א-פאון) אן איינציגער קלאנג אדער א פערבינדונג פון עטליכע אויסגעשפראכענע קלאנגען, וועלכע רופען ארויס אן אידעע אדער פארשטעלונג וועגען א געוויסער זאך.

ides *n.* (אידז) אין אלט-רוימישען קאלענדאר — די אידעס [דער 15טער טאג פון מערץ, מאי, יולי, אקטאבער, און דער 13טער פון די איבעריגע מאנאטען].

id est (איד עסט) דאס איז, דאס הייסט.

idioc'rasy *n.* (איד-אי-אק'-רע-סי) אידיאקראזיע, אן אייגענטימליכקייט, אן אינדיווידועלע אייגענשאפט [א בעזונדערע עמפפינדליכקייט פון ארגאניזם צו פערשיעדענע ווירקונגען].

idiocrat'ic *a.* (איד-אי-א-קרעט'-איק) אידיאקראטיש, אייגענטימליך נור צו איהם אליין; ביי וועמען דער ארגאניזם האט א בעזונדערע עמפפינדליכקייט צו פערשיעדענע ווירקונגען.

idiocrat'ical *a.* (איד-אי-א קרעט'-אי-קעל) ז. *idiocratic*.

id'iocy *n.* (איד'-אי-א-סי) אידיאטסטווע, שוואכקייט אין פערשטאנד; דאס ניט האבען די פעהיגקייט צו בעגרייפען; דאס זיין אן אידיאט.

idioelec'tric *a.* (אי-די-א-אי-לעק'-טריק) אידיא-עלעקטריש, זעלבסט-עלעקטריש [אזוי פלעגט מען אמאל אנרופען די אלע שטאפען, וועלכע ווערען עלעקטריזירט דורך רייבונג, ווי גלאז, ברושטין א. ד. ג., מיינענדיג אז אנדערע שטאפען, ווי מעטאלען, ווערען ניט עלעקטריזירט אויף אזא אופן].

id'iom *n.* (איד'-אי-אם) אן אידיאם, א בעזונדערער אויסדרוק, וועלכער איז אייגענטימליך נור פאר א געוויסער שפראך און ניט פאר קיין אנדערער; א דיאלעקט, די פארם פון שפראך-אויסדריקע פון א געוויסער געגענד.

idiomat'ic *a.* (איד-אי-א-מעט'-איק) אידיאמאטיש, וואס געהערט צו דעם כאראקטער פון א שפראך; וואס איז אייגענטימליך נור פאר א געוויסער שפראך און ניט פאר קיין אנדערער.
"How do you do?" is an American idiomatic expression.

idiomat'ical *a.* (איד-אי-א-מעט'-אי-קעל) ז. *idiomatic*.

idiomat'ically *adv.* (איד-אי-א-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אן אידיאמאטישען שטייגער; לויט די אייגענטימליכקייטען פון דער שפראך.

idiopathet'ic *a.* (אי-די-א-פע-טהעט'-איק) ז. *idiopathic*.

idiopath'ic *a.* (איד-אי-א-פעטה'-איק) אין דער מעדיצין — אידיאפאטיש, וואס איז שייך צו א קראנקהייט, וועלכע איז ניט ענטשטאנען פון אן אנדער קראנקהייט.

idiopath'ical *a.* (איד-אי-א-פעטה'-אי-קעל) ז. *idiopathic*.

idiopath'ically *adv.* (איד-אי-א-פעטה'-אי-קעל-אי) אויף דער ארט פון אן אידיאפאטישער קראנקהייט. ז. *idiopathic*.

idiop'athy *n.* (איד-אי-אפ'-ע-טהי) אין מעדיצין — אן אידיאפאטישער כאראקטער פון א קראנקהייט [א קראנקהייט, וועלכע האט זיך ניט ענטוויקעלט פון אן אנדער קראנקהייט].

idiosyn'crasy *n.* (איד-אי-א-סינ'-קרע-סי) אידיאסינקראזיע, אן אייגענארטיגקייט ביי געוויסע פערזאנען, וועלכע דריקט זיך אויס אין דעם, וואס זיי זיינען צופיעל אדער גארניט. עמפפינדליך צו געוויסע ווירקונגען.

idiosyncrat'ic *a.* (איד-אי-א-סינ-קרעט'-איק) וואס איז שייך צו אידיאסינקראזיע. ז. *idiosyncrasy*.

id'iot *n.* (איד'-אי-אט) אן אידיאט, איינער מיט זעהר בעשרענקטע גייסטיגע פעהיגקייטען; א מענש וואס האט ניט קיין געזונטען פערשטאנד; א דומקאפ.

idiot'ic *a.* (איד-אי-אט'-איק) אידיאטיש, דום, נאריש.

idiot'ically *adv.* (איד-אי-אט'-אי-קעל-אי) מעשה אידיאט; זעהר נאריש.

idiot'icon *n.* (איד-אי-אט'-אי-קאן) דער דיאלעקט-ווערטערבוך [א ווערטערבוך, וועלכער ענטהאלט אין זיך אידיאמאטישע ווערטער און אויסדריקע פון א געוויסער געגענד].

id'iotish *a.* (איד'-אי-אט-איש) ז. *idiotic*.

id'iotism *n.* (איד'-אי אט-איזם) אן אידיאם, אן אייגענטימליכער אויסדרוק פון א שפראך; דער גייסט פון א שפראך.

i'dle *a.* and *v.* (איידל) אונבעשעפטיגט, ניט פערנומען; לעדיג; פוסט; אונטהעטיג; ניט אויסגענוצט, ניט געברויכט; נוצלאז, בעדייטונגסלאז, ווערטהלאז, אומזיסט; פויל, זארגלאז, גלייכגילטיג; פוילענצען, פוסט-און-פאסעווען.

i'dle conceit' (איידל קאנ-סיט') א פוסטע איינבילדונג.

i'dle fel'low (איידל פעל'-או) א פוילענצער, א פוסט-און-פאסניק.

i'dle hours (איידל אורז) פרייע שטונדען, לעדיגע צייט.

i'dleness *n.* (איי'-דל-נעס) פוילקייט, פוילענצעריי; לעדיגקייט, פוסטקייט, דאס זיין אונבעשעפטיגט, דאס פיסט-און-פאסעווען; נוצלאזיגקייט, ווערטהלאזיגקייט, אונגעברויכבארקייט.

i'dle proj'ects (איידל פראדזש'-עקטס) לופט-שלעסער, פוסטע חלומות.

id'ler *n.* (אייד'-לער) א ליידיג-געהער, א פוילענצער, א פוסט-און-פאסניק; איינער פון דער מאנשאפט פון א שיף וואס דארף ניט זיין אויף נאכט-וואך; א ראד [צווישען אנדערע צוויי רעדער] וואס גיט איבער די בעוועגונג פון אקס צו דער צווייטער, ניט ענדערענדיג די ריכטונג פון דער בעוועגונג.

i'dle sto'ry (איידל סטאו'-רי) א בבא-מעשה.

i'dle talk (איידל טאהק) פוסטע דבורים.

i'dle time (איידל טאים) פרייע צייט, ליידיגע צייט.

i'dle weeds (איידל הוויעדז) ווילד גראז, אינקרויט.

i'dle-wheel *n.* (איי'דל-הוויעל) א ראד [צווישען אנדערע צוויי רעדער] וואס גיט איבער די בעוועגונג פון איין אקס צו דער צווייטער ניט ענדערענדיג די ריכטונג פון דער בעוועגונג.

i'dle words (איידל הווארדז) אומזיסטע ווערטער, פוסטע רייד, פוסטע פלוידעריי.

id'ly *adv.* (אייד'-לי) פויל, אבגעלאזען, נוצלאז, ווערטהלאז, פוסט.

i'docrase *n.* (אי'-דא-קריים) דער אידאקראס אדער וועזואוויאן [אזא מינעראל].

i'dol *n.* (אי'-דאל) אן אידאל, אן אבגאט, א געץ; איינער וואס ווערט שטארק פערעהרט.

idol'ater *n.* (אי-דאל'-ע-טער) א געצענדינער; א שטארקער פערעהרער.

idol'atress *n.* (אי-דאל'-ע-טרעס) א געצען-דיענערין; א שטארקע פערעהרערין.

idolat'rical *a.* (אי-דא-לעט'-רי-קעל) געצענדיענעריש.

idol'atrize *v.* (אי-דאל'-ע-טראיז) דיענען צו אבגעטער; שטארק פערגעטערען.

idol'atrous *a.* (אי-דאל'-ע-טראס) געצענדיענעריש.

idol'atry *n.* (אי-דאל'-ע-טרי) געצענדיענסט; שטארקע פערגעטערונג.

idoliza'tion *n.* (אי-דאל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען א "געטשקע" פון אימיצען אדער עפעס; שטארקע פערגעטערונג.

i'dolize *v.* (אי'-דאל-איז) שטארק פערגעטערען, פערעהרען אדער ליעבען; מאכען א "געטשקע" פון אימעצען אדער עפעס; דיענען צו אן אבגאט.

i'dolizer *n.* (אי'-דאל-אי-זער) איינער וואס פערעהרט אימעצען צו שטארק, איינער וואס מאכט פון איינעם א "געטשקע".

i'dol-wor'ship *n.* (אי'-דאל-הווער'-שיפ) עבודה-זרה, געצענדיענסט.

i'dyl *n.* (אי'-דיל) אן אידיליע, א קורצע פאעמא פון דעם איינפאכען דארפישען לעבען; א סענטימענטאלע בעשרייבונג פון עפעס.

i'dylist *n.* (אי'-דיל-איסט) א שרייבער פון אידיליען. ז. *idyl*.

i'dyll *n.* (אי'-דיל) ז. *idyl*.

idyl'lic *a.* (אי-דיל'-איק) אידיליש. ז. *idyl*.

i'dyllist *n.* (אי'-דיל-איסט) ז. *idylist*.

i. e. אבקירצונג פון *id est*.

if *c.* (איף) אויב, ווען, אין פאל; כאטש.

if an'ything (איף ענ'-אי-טהינג) ווען איבערהויפט.

if as (איף עז) פונקט ווי עס וואלט...

I for one (אי פאר הוואן) איך פון מיין זייט; וועניגסטענס איך; איך, צום ביישפיעל.

if you please (איף יו פליעז) אויב איהר ווילט אזוי גוט זיין.

ig'neo-a'queous *a.* (איג'-ני-או-איי'-קהווי-אס) אין געאלאגיע — וואס איז צו שטאנד געקומען דורך דער פעראייניגטער טהעטיגקייט פון פייער און וואסער.

ig'neous *a.* (איג'-ני-אס) פייערדיג, גליהענד; אין געאלאגיע — וואס איז צו שטאנד געקומען דורך פייער [ווי למשל, פעלזען געבילדעט דורך דער טהעטיגקייט פון א פייער-שפייענדען בארג].

ignes'cent *a.* and *n.* (איג-נעס'-ענט) וואס לאזט ארויס פונקען פייער; עפעס וואס גיט ארויס פונקען [הויפטזעכליך א שטיין אדער מינעראל ווען מען קלאפט אויף איהם מיט שטאהל אדער אייזען].

ig'nes fat'ui (איג'-ניעז פעט'-יו-אי) בלאנדזשענדע פייערען. ז. *ignes fatuus*

ignic'olist *n.* (איג-ניק'-א-ליסט) א פייער־פערגעטערער.

ig'nify *v.* (איג'-ני-פאי) פערוואנדלען אין פייער.

ignig'enous *a.* (איג-נידזש'-ע-נאס) וואס קומט פון פייער אדער דורך פייער.

ignip'otent *a.* (איג-ניפ'-א-טענט) פייער־מעכטיג, וואס בעהערשט מיט פייער.

ig'nis fat'uus (איג'-ניס פעט'-יו-אס) בלאנדזשענדער פייער [א מין פאספאר־שיין וואס זעהט זיך אין דער לופט איבער זומפען].

ignitabil'ity *n.* (איג-נאי-טע-ביל'-אי-טי) ז. *ignitibility*

igni'table *a.* (איג-נאי'-טעבל) ז. *ignitible*

ignite' *v.* (איג-נאיט') אנצינדען; זיך אנצינדען; אנגליהען.

igni'ter *n.* (איג-נאי'-טער) איינער אדער עטוואס וואס צינדעט אן אדער גליהט אן.

ignitibil'ity *n.* (איג-נאי-טי-ביל'-אי-טי) צינדבארקייט, די פעהיגקייט זיך אנצוצינדען אדער זיך אנצוגליהען.

igni'tible *a.* (איג-נאי'-טיבל) צינדבאר, וואס קען זיך אנצינדען; וואס קען אנגעגליהט ווערען.

igni'tion *n.* (איג-ניש'-אן) אנצינדונג, אנגליהונג.

igniv'omous *a.* (איג-ניוו'-א-מאס) פייער־שפייענד.

ignobil'ity *n.* (איג-נא-ביל'-אי-טי) נידריגקייט, געמיינהייט; נידריגע אבשטאמונג, נידריגער גראד; ווערטהלאזיגקייט.

igno'ble *a.* (איג-נאו'בל) נידריג, געמיין; פון נידריגער אבשטאמונג אדער גראד; ווערטהלאז.

igno'bleness *n.* (איג-נאו'בל-נעס) ז. *ignobility*

igno'bly *adv.* (איג-נאו'-בלי) אויף א געמיינעם אדער נידריגען שטייגער.

ignomin'ious *a.* (איג-נא-מינ'-אי-אס) שענדליך, געמיין, ערנידריגענד, פעראכטונגס־ווערטה.

ignomin'iously *adv.* (איג-נא-מינ'-אי-אס-לי) אויף א שענדליכער, געמיינער ארט.

ig'nominy *n.* (איג'-נא-מינ-אי) שאנדע, אונעהרע, שמאך; דאס זיין פעראכטעט אדער אונווירדיג.

ignora'mus *n.* (איג-נא-ריי'-מאס) אן איגנאראמוס, אן אונוויסענדער מענש, אן עם־הארץ.

ig'norance *n.* (איג'-נא-רענס) אונוויסענהייט, עם־הארצות.

ig'norant *a.* (איג'-נא-רענט) אונוויסענד, אונגעבילדעט, ניט געלערענט, אונבעקאנט מיט עפעס.

ig'norantly *adv.* (איג'-נא-רענט-לי) אויס אונוויסענהייט; אויף אן עם־הארצ'ישען שטייגער.

ignore' *v.* (איג-נאור') ניט וויסען; זיך מאכען ניט וויסענדיג פון עפעס, איגנארירען; ערקלערען א קלאגע פאר איבעגרינדעט [פון אן אנקלאגע־געריכט]. ז. *grand jury*

Igorro'te *n. and a.* (אי-גאו-ראו'-טע) אן איגאראט, א מיטגליעד פון די ווילדע שבטים וואס ריידען די איגאראטישע שפראך; די איגאראטישע שפראך; א ווילדער; וואס איז שייך צו די איגאראטען.

igua'na *n.* (אי-גהוואנ'-נא) די איגואנא אדער דער לעגואן, אזא גרויסער זיד־אמעריקאנישער עקדעש [יאשטשערקע].

Iguana

iguan'odon *n.* (אי-גהוועני'-א-דאן) אן איגוואנאדאן [א מין ריעזיגער רעפטיל פון די פארהיסטארישע צייטען. פון די סקעלעטען, וואס מען האט געפונען, ווייזט זיך ארויס, אז אייניגע זיינען געווען ארום דרייסיג פוס לאנג].

I. H. S. ראשי תבות פון די ווערטער *Iesus Hominum Salvator* [יעזוס דער ערלעזער פון דער מענשהייט]. ווערט געברויכט אלס סימבאל פאר אויפשריפטען אויף צלמים, מצבות, קירכען א. ד. ג.

I'-i'ron *n.* (אי'-אי'-ערן) אן אייזען־שטאנג וואס האט אין קווער־שניט דאס אויסזעהען פון אן **I**.

i'kon *n.* (אי'-קאן) ז. *icon*

il'eac *a.* (איל'-אי-עק) וואס אנבעלאנגט צו דעם קרום־דארם [די אונטעריטשטע קליינע קישקע].

ilei'tis *n.* (איל-אי-אי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם קרום־דארם [די אונטערשטע קליינע קישקע].

il'eum *n.* (איל'-אי-אם) דער קרום־דארם [די אונטעריטשטע קליינע קישקע; די אונטערשטע קישקע].

il'eus *n.* (איל'-אי-אס) שניידעניש אדער קראמפף אין די געדערים.

i'lex *n.* (אי'-לעקס) א שטיין־אייכע אדער שטעכ־פאלמע [אזא זיד־אמעריקאנישער פאלמען־בוים].

I. L. G. W. U. אבקירצונג פון די ווערטער *International Ladies' Garment Workers' Union* [אן אמעריקאנישע דאמען־שניידער יוניאן].

Il'iac *a.* (איל'-אי-עק) וואס איז שייך צו דער אמאליגער שטאדט טראיא; וואס איז שייך צו דעם טראיאנישען קריעג [אין דער אלט־גריכישער געשיכטע].

il'iac *a.* (איל'-אי-עק) וואס איז שייך צו דעם אויבערשטען פלאכען טייל פון דעם היפטען־ביין.

ili'acal *a.* (אי-לאי'-ע-קעל) ז. *iliac*

il'iac vein (איל'-אי-עק וויין) דער אדער וואס געהט פון בויך איבער דער היפט.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

Il'iad *n.* (איל'-אי-עד) די איליאדע [א העלדען־געדיכט וועגען דעם טראיאנישען קריעג פון דעם בעריהמטען גריכישען דיכטער האמער].

Il'ian *a.* (איל'-אי-ען) ז. *Iliac*

Il'ium *n.* (איל'-אי-אם) די שטאדט טראיא [אין דער אלט־גריכישער לעגענדע].

il'ium *n.* (איל'-אי-אם) דער אויבערשטער פלאכער טייל פון דעם היפט־ביין.

Iliuper'sis *n.* (איל-אי יו פויר'-סיס) די צושטערונג פון דער שטאדט טראיא [אין דער אלט־גריכישער לעגענדע].

ilk *a.* (אילק) דאסזעלבע, דערזעלביגער; יעדער.

Ill. אבקירצונג פון *Illinois* [איליניאי, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

ill *a. and n.* (איל) קראנק; שלעכט; בייז; אונגליקליך; אונגעשיקט, שוואך, ניט געניט; שווערליך; אן איבעל, א שלעכטע זאך, אן אונגליק.

ill'-advised' *a.* (איל'-עד-וואיזד') וואס קומט פון א שלעכטער עצה; שלעכט איבערלעגט; אונקלוג.

ill'-affec'ted *a.* (איל'-ע-פעק'-טעד) שלעכט געשטימט; אבגענייגט; אונפריינדליך.

illaq'ueate *v.* (אי-לעק' הווי-אייט) אריינכאפען אדער פערפלאנטערען אין א נעץ.

illaquea'tion *n.* (אי-לעק-הווי-איי'-שאן) דאס אריינכאפען אדער פערפלאנטערען אין א נעץ.

ill at ease (איל עט איעז) אונרוהיג, אונבעקוועם.

illa'tion *n.* (אי-ליי'-שאן) א שלוס, א פאלגע.

il'lative *a. and n.* (איל'-ע-טיוו) וואס פאלגט; וואס בעצייכענט א שלוס־פאלגע; וואס איז געדרונגען פון א שלוס־פאלגע; א ווארט וואס בעצייכענט א שלוס־פאלגע [ווי די ווערטער "דעריבער", "דארום" א. ד. ג.].

il'latively *adv.* (איל'-ע-טיוו-לי) דורך א שלוס־פאלגע.

illau'dable *a.* (אי-לאה'-דעבל) וואס איז ניט ווערטה צו לויבען; וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען; אונווירדיג.

illau'dably *adv.* (אי-לאה'-דע-בלי) אונווירדיג; אויף א טאדעלס־ווערטהען אופן.

ill'-besee'ming *a.* (איל'-בי-סיע'-מינג) וואס פאסט ניט; וואס קליידט ניט.

ill blood (איל בלאד) בייז בלוט, שנאה; בייזקייט, כעס.

ill'-bo'ding *a.* (איל'-באו'-דינג) וואס זאגט פאראויס אונגליק.

ill'-bred *a.* (איל'-ברעד) שלעכט ערצויגען, אונהעפליך, גראב.

ill'-bree'ding *n. and a.* (איל'-בריע'-דינג) שלעכטע ערציהונג, אונהעפליכקייט; גראבקייט; וואס ברייגנט אונגליק.

ill'-come *a.* (איל'-קאם) געקומען אין א שלעכטער צייט.

ill'-condi'tioned *a.* (איל'-קאנ-דיש'-אנד) וואס געפינט זיך אין א שלעכטען צושטאנד; וואס איז פון א שלעכטער קוואליטעט; וואס איז אין אונארדנונג.

ill'-defined' *a.* (איל'-די-פאינד') אונבעשטימט, אונקלאר, אונדייטליך.

ill'-disposed' *a.* (איל'-דיס-פאוזד') שלעכט אויפגעלעגט, שלעכט געשטימט; אונפריינדליך.

ille'gal *a.* (אי-לי'-געל) אונגעזעצליך.

ille'galise *v.* (אי-לי'-געל-איז) ז. *illegalize*

illegal'ity *n.* (איל-אי-געל'-אי-טי) אונגעזעצליכקייט.

ille'galize *v.* (אי-לי'-געל-איז) ערקלערען פאר אונגעזעצליך.

ille'gally *adv.* (אי-לי'-געל-אי) אונגעזעצליך, אויף אן אונגעזעצליכען אופן.

ille'galness *n.* (אי-לי'-געל-נעס) ז. *illegality*

illegibil'ity *n.* (אי-לעדזש-אי-ביל'-אי-טי) דאס זיין ניט לעזבאר; דאס ניט קענען געלעזען ווערען.

illeg'ible *a.* (אי-לעדזש'-איבל) אונלעזבאר, אונמעגליך צו לעזען.

illeg'ibleness *n.* (אי-לעדזש'-איבל-נעס) ז. ***illegibility***

illeg'ibly *adv.* (אי-לעדזש'-אי-בלי) אויף אן אונלעזבארען אופן.

The letter is written **illegibly**.

illegit'imacy *n.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מיי-סי) אונגעזעצליכע געבורט [פון ניט געזעצליך פערהייראטע עלטערען]; אונגעזעצליכקייט; אונעכטקייט; דאס זיין געגען אנגענומענעם.

illegit'imate *a.* and *v.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מייט) אונגעזעצליך; אונגעזעצליך געבארען; ערקלערען פאר אן אונגעזעצליך קינד אדער א ממזר.

illegit'imately *adv.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מייט-לי) אויף אן אונגעזעצליכען אופן; אונגעזעצליך; ניט לויט ווי עס איז אנגענומען אדער איינגעפיהרט.

illegitima'tion *n.* (איל-אי-דזשיט-אי-מיי'-שאן) דאס ערקלערען פאר אונגעזעצליך; דאס מאכען אונגילטיג; אונגעזעצליכע געבורט; דאס ערקלערען פאר אונגעזעצליך געבארען.

illegit'imatize *v.* (איל-אי-דזשיט'-אי-מע-טאיז) ערקלערען פאר אונגעזעצליך; ערקלערען פאר אונגעזעצליך געבארען.

illev'iable *a.* (אי-לעוו'-אי-עבל) וואס קען ניט איינגעפאדערט אדער איינגעמאהנט ווערען.

ill fame (איל פיים) א שלעכטע רעפוטאציע, א שלעכטער נאמען [וועגען א פרוי אדער א הויז].

This is a house of **ill fame**.

ill'-fa'ted *a.* (איל'-פיי'-טעד) וואס ברייננט אונגליק; וואס האט א שלעכטען מזל.

The **ill-fated** Titanic was built in England.

ill'-fa'vored *a.* (איל'-פיי'-ווארד) העסליך, מיאוס.

ill'-fa'voredly *adv.* (איל'-פיי'-ווארד-לי) מיט א העסליכען אויסזעהן; העסליך, מיאוס.

ill'-fa'voredness *n.* (איל'-פיי'-ווארד-נעס) העסליכקייט, מיאוס'קייט.

ill'-foot'ing *n.* (איל'-פוט'-אינג) א געפעהרליכער צושטאנד; אן אונזיכערער אנקער־פלאץ.

ill health (איל העלטה) דאס זיין ניט מיט אלעמען [אין געזונד].

ill'-hu'mored *a.* (איל'-יו'-מארד) וואס איז אין א שלעכטען הומאר; ניט צו מוטה; שלעכט געשטימט.

ill'-hu'moredly *adv.* (איל'-יו'-מארד-לי) אין שלעכטען הומאר; אין שלעכטער שטימונג.

illib'eral *a.* (אי-ליב'-ע-רעל) ניט ליבעראל, ניט פריי, ניט פרייזיניג; ניט פרייגעביג, קארג; ניט קולטיווירט, גראב, פראסט; געמיין; בעשרענקט אין דענקען.

illib'eralism *n.* (אי-ליב'-ע-רעל-איזם) ענגהערציגקייט, קארגקייט, קמצנות; פראסטקייט, אונקולטיווירטקייט; בעשרענקטקייט אין דענקען; מאנגעל אין פרייזיניגקייט.

illiberal'ity *n.* (אי-ליב-ע-רעל'-אי-טי) ז. ***illiberalism***

illib'eralize *v.* (אי-ליב'-ע-רעל-איז) מאכען אונליבעראל. ז. ***illiberal***

illib'erally *adv.* (אי-ליב'-ע-רעל-אי) אונליבעראל; קארג, געמיין; מיט בעשרענקטקייט אין דענקען; ניט פרייזיניג.

illic'it *a.* (אי-ליס'-איט) אונערלויבט, אונגעזעצליך, פערבאטען.

illic'itly *adv.* (אי-ליס'-איט-לי) אויף אן אונערלויבטער אדער אונגעזעצליכער ארט.

illic'itness *n.* (אי ליס'-איט-נעס) אונגעזעצליכקייט; דאס זיין ניט ערלויבט.

illimitabil'ity *n.* (אי-לימ-אי-טע-ביל'-אי-טי) אונבעגרענצבארקייט, גרענצלאזיגקייט.

illim'itable *a.* (אי-לימ'-אי-טעבל) גרענצלאז, אונבעגרענצבאר, וואס קען ניט בעגרענצט ווערען.

illim'itableness *n.* (אי-לימ'-אי-טעבל-נעס) דאס זיין אונבעגרענצט, דאס זיין גרענצלאז.

illim'itably *adv.* (אי-לימ'-אי-טע-בלי) אהן גרענצען; אונבעגרענצבאר, גרענצלאז.

illimita'tion *n.* (אי-לימ-אי-טיי'-שאן) אונבעגרענצטקייט; גרענצלאזיגקייט.

illim'ited *a.* (אי-לימ'-אי-טעד) אונבעגרענצט, אהן גרענצען.

illini'tion *n.* (איל-אי-ניש'-אן) אן איינשמירונג, אן איינרייבונג; דאס וואס איז איינגעשמירט אדער איינגעריבען; דער דינער, אויבערשטער, קארע־פערמיגער שיכט פון מינעראלען.

ill'-inten'tioned *a.* (איל'-אינ-טענ'-שאנד) מיט א שלעכטער כונה.

illiqua'tion *n.* (איל-אי-קהוויי'-שאן) די איינשמעלצונג פון איין שטאף אין א צווייטען.

illit'eracy *n.* (אי-ליט'-ע-ריי-סי) אונגעלערטהייט, אונוויסענהייט; דאס זיין אונגעבילדעט.

illit'erate *a.* and *n.* (אי-ליט'-ע-רייט) אונגעלעהרט, אונוויסענד, אונגעבילדעט, בעזונדערס: אנאלפאבעט; גראב, בארבאריש, ווילד; אן אונגעבילדעטער מענש, אן עם־הארץ.

illit'erately *adv.* (אי-ליט'-ע-רייט-לי) אויף אן אונוויסענדען, עם־הארצ'ישען שטייגער.

illit'erateness *n.* (אי-ליט'-ע-רייט-נעס) ז. ***illiteracy***

ill'-judged' *a.* (איל'-דזשאדזשד') שלעכט בערעכענט, שלעכט געאורטיילט, ניט גוט בעגרינדעט.

An **ill-judged** attempt was made to climb the mountain.

ill'-lan'guage *n.* (איל'-לענ'-גהווערזש) אן אונהעפליכע שפראך.

ill'-looked' *a.* (איל'-לוקט') וואס זעהט אויס שלעכט; מיאוס, העסליך.

ill'-look'ing *a.* (איל'-לוק'-אינג) וואס זעהט אויס שלעכט, פון שלעכטען אויסזעהן; העסליך, מיאוס.

ill'-luck *n.* (איל'-לאק) דאס אונגליק, דער שלים־מזל.

ill'-man'nered *a.* (איל'-מענ'-ערד) מיט שלעכטע מאניערען, ניט איידעל, גראב, געמיין.

ill'-min'ded *a.* (איל'-מאינ'-דעד) שלעכט געשטימט.

ill'-na'ture *n.* (איל'-ניי'-טשור) בייזקייט, שלעכטקייט, א שלעכטער כאראקטער.

ill'-na'tured *a.* (איל'-ניי'-טשורד) מיט א שלעכטען כאראקטער; בייז; שלעכט.

ill'-na'tured land (איל'-ניי'-טשורד לענד) א שלעכטער באדען, שלעכטע ערד.

ill'-na'turedly *adv.* (איל'-ניי'-טשורד-לי) מיט בייזקייט, עקשנות'דיג.

ill'ness *n.* (איל'-נעס) א קראנקהייט, א חלאת.

illog'ic *n.* (אי-לאדזש'-איק) אן אונלאגישע זאך.

illog'ical *a.* (אי-לאדזש'-אי-קעל) אונלאגיש, קרום [אין רעדען אדער דענקען].

illogical'ity *n.* (אי-לאדזש-אי-קעל'-אי-טי) אונלאגישקייט, קרומקייט [אין רעדען אדער דענקען]; אן אונלאגישע זאך.

illog'ically *adv.* (אי-לאדזש'-אי-קעל-אי) אויף אן אונלאגישען אופן.

illog'icalness *n.* (אי-לאדזש'-אי-קעל-נעס) דאס זיין אונלאגיש.

ill'-o'mened *a.* (איל'-או'-מענד) וואס האט אונגליקליכע פארבעדייטונגען.

ill'-patched *a.* (איל'-פעטשט) שלעכט צוזאמענגעשטוקעוועט.

ill'-propor'tioned *a.* (איל'-פרא-פאור'-שאנד) שלעכט פראפארציאנירט, ניט הארמאניש צוזאמענגעשטעלט.

ill'-sor'ted *a.* (איל'-סאהר'-טעד) שלעכט זארטירט, ניט צוגעפאסט איינס צום אנדערען.

ill'-starred *a.* (איל'-סטארד) געבוירען אין א בייזער שעה; וואס ערווארטעט א בייזען מזל.

ill tem'per (איל טעמ'-פער) בייזקייט, אויפגערעגטקייט.

ill'-tem'pered *a.* (איל'-טעמ'-פערד) אנגעכמורעט, בייז, מיט א שלעכטען כאראקטער.

ill'-timed *a.* (איל'-טאימד) וואס איז ניט צו רעכטער צייט; ניט אין סעזאן; וואס האט ניט צוגעטראפען די צייט.

ill-treat' *v.* (איל-טריעט') שלעכט אדער אונגערעכט בעהאנדלען.

illude' *v.* (אי-ליוד') פערבלענדען, טוישען; אבנארען מיט פאלשע האפנונגען; אבשפאטען, אויסלאכען.

illume' *v.* (אי-ליום') בעלייכטען, אילומינירען, אילוסטרירען [מיט צייכנונגען].

illu'minable *a.* (אי-ליו'-מי-נעבל) וואס קען בעלויכטען ווערען, וואס קען אילומינירט ווערען.

illu'minant *a.* and *n.* (אי-ליו'-מי-נענט) בעלייכטענד, אילומינירענד; עטוואס וואס בעלייכט אדער אילומינירט; עטוואס וואס גיט פון זיך ארוים ליכט.

illu'minate *v., a.* and *n.* (אי-ליו'-מי-נייט) בעלייכטען, אילומינירען; אילוסטרירען [מיט צייכנונגען]; אילוסטרירט; איינער וואס האט פרעטענזיעס אויף וויסען.

Illumina'ti *n.* (אי-ליו-מי-ניי'-טאי) די אילומינאטען [מיטגליעדער פון פערשיעדענע קריסטליכע סעקטען אין פערשיעדענע לענדער פון איירא‌פא אין 16טען און 17טען יאהרהונדערט, וועלכע האבען געלייקענט אין ענטפלעקונגען, האבען זיך ניט זעהר שטרענג געהאלטען אן רעליגיעזע מנהגים און האבען בכלל געפרעדיגט אויפקלערונג אין רעליגיעזע ענינים; אן אילומינאטען־געזעלשאפט, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין באווארען און האט זיך אין די יאהרען 1776 און 1785 פערשפרייט איבער גאנץ איירא‌פא, האט אויך געטראגען א פאליטישען כאראקטער און האט אגיטירט פאר רעפובליקאנישע רעגירונגס־פארמען].

illumina'ti *n.* (אי-ליו-מי-ניי'-טאי) מענשען וואס האבען פרעטענזיעס אויף פעהיגקייטען און קענטניסע; אויפגעקלערטע מענשען [אין רעליגיעזע ענינים], משכילים.

illumina'tion *n.* (אי-ליו-מי-ניי'-שאן) בעלייכטונג; אילומינאציאן; אויפקלערונג; אילוסטראציאן.

illu'minative *a.* (אי-ליו'-מי-ניי-טיוו) בעלייכטענד, אילומינירענד; אויפקלערענד; אילוסטרירענד.

illumina'to *n.* (אי-לוה-מי-נא'-טאו) אן אילומינאט. ז. ***Illuminati***

illu'minator *n.* (אי-ליו'-מי-ניי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס בעלייכט; אן אילוסטראטאר [איינער וואס בעציערט אדער ערקלערט מיט צייכנונגען]; א גלאז אין אפטישע אינסטרומענטען צו קאנצענט־רירען די שטראהלען; אן אפאראט צו ווארפען די שיין אויף א געוויסען פונקט; א גלעזערנע פלאטע אין א טראטואר אדער פארלאגע [ריל].

illu'mine *v.* (אי-ליו'-מין) בעלייכטען, אילומינירען; אויפקלערען.

illuminee' *n.* (אי-ליו-מי-ניע') איינער וואס האט פרעטענזיעס אויף וויסען און אויפקלערונג; אן אילומינאט.
- Illuminati .ז

illu'minism *n.* (אי-ליו'-מי-ניזם) די לעהרע פון די אילומינאטען.
Illuminati .ז

illure' *v.* (אי-ליור') פער־ אריינגארען, פער־פיהרען.

ill u'sage (איל יו'-סעדזש) שלעכטע בעהאנדלונג, אונגערעכטיגקייט.

ill-use' *n.* (איל-יוס') שלעכטער געברויך, מיסברויך, שלעכטע בעהאנדלונג.

illu'sion *n.* (אי-ליו'-זשאן) אילוזיאן, פערבלענדונג; פערפיהרונג, פערנארונג; אזא זעהר דינער, דורכזיכטיגער טול.

illu'sionary *a.* (אי-ליו'-זשאן-ע-רי) וואס איז עהנליך צו אן אילוזיאן אדער פערבלענדונג; וואס שיינט נור צו זיין דאס וואס עס איז; פערפיהרענד, פער־בלענדענד.

illu'sionist *n.* (אי-ליו'-זשאן-איסט) א פערבלענדעטער, איינער וואס גלויבט אין אילוזיאן, א פאנטאזיאר; א פאקוס־ניק.

illu'sive *a.* (אי-ליו'-סיוו) פערפיהרענד, פערבלענדענד; פאלש.

illu'sively *adv.* (אי-ליו'-סיוו-לי) אויף א פערבלענדענדען, פערפיהרענדען אופן; ווי אן אילוזיאן; פאלש.

illu'siveness *n.* (אי-ליו'-סיוו-נעס) פערבלענדונג; פערפיהרונג; דאס זיין ניט דאס וואס עס שיינט צו זיין.

illu'soriness *n.* (אי-ליו'-סא-רי-נעס)
illusiveness .ז

illu'sory *a.* (אי-ליו'-סא-רי)
illusive .ז

illus'trable *a.* (אי-לאס'-טרעבל) וואס קען אילוסטרירט ווערען, וואס קען געמאכט ווערען קלאר אדער ערקלערט ווערען.

illus'trate *v.* (אי-לאס'-טרייט) אילוס־טרירען, מאכען צייכנונגען [אויף א בוך]; ערקלערען, קלאר מאכען; דערהויבען, פער־עהרען.

illus'trater *n.* (אי-לאס'-טריי-טער)
illustrator .ז

illustra'tion *n.* (איל-אס-טריי'-שאן) אילוסטראציאן, א צייכנונג [אין א בוך]; קלאר־מאכונג, ערקלערונג.

illus'trative *a.* (אי-לאס'-טרי-טיוו) אילוסטרירענד, קלאר־מאכענד, ערקלערענד [דורך א משל, אן אויסצוג אדער צייכ־נונג].

illus'tratively *adv.* (אי-לאס'-טריי-טיוו-לי) אלס אילוסטראציאן, אלס ערקלע־רונג, אלס מיטעל צו מאכען עפעס קלאר און פערשטענדליך.

illus'trator *n.* (אי-לאס'-טריי-טאר) אן אילוסטראטאר, אן אילוסטרירער, איינער וואס מאכט קלאר, אילוסטרירט אדער מאכט צייכנונגען.

illus'trious *a.* (אי-לאס'-טרי-אס) ער־האבען, גרויס, פראמינענט, בעריהמט; גלענצענד.

illus'triously *adv.* (אי-לאס'-טרי-אס-לי) מיט ערהאבענהייט, מיט פראמינענץ, מיט בעריהמטקייט; גלענצענד.

illus'triousness *n.* (אי-לאס'-טרי-אס-נעס) בעריהמטקייט, ערהאבענהייט, פרא־מינענץ, גלאנץ.

illuxu'rious *a.* (אי-לאג-זשו'-רי-אס) ארעם, אהן לוקסוס.

ill'-will' *n.* (איל'-הוויל') פיינדליכקייט, שלעכטקייט.

ill'-willed' *a.* (איל'-הווילד') שלעכט, פיינדליך, בייזוויליג.

ill'-will'er *n.* (איל'-הוויל'-ער)
ill-wisher .ז

ill'-will'y *a.* (איל'-הוויל'-אי) בייז, שלעכט.

ill'-wish'er *n.* (איל'-הוויש'-ער) א שונא; איינער וואס ווינשט שלעכטס.

il'ly *a.* (איל'-אי) שלעכט, ניט צופרידענ־שטעלענד.

I'm (אים) [איך *I am* אבקירצונג פון בין].

im'age *n. and v.* (אימ'-עדזש) א בילד; א סטאטוע, א פארטרעט; אן אבבילדונג; א געגנויע קאפיע; א געצען־בילד; א פאר־שטעלונג; א פינקטליכע עהנליכקייט; א שפיגעל־בילד; אבבילדען; אבשפיגלען; זיין עהנליך; פארשטעלען; זיך פארשטע־לען.

im'ageable *a.* (אימ'-עדזש-עבל) וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין א בילד; וואס קען געמאלט ווערען; דענקבאר.

im'age-brea'ker *n.* (אימ'-עדזש-בריי'-קער) א געצען־צושטערער.

im'aged *a.* (אימ'-עדזשד) פערציערט מיט מענשליכע פיגורען.

im'ageless *a.* (אימ'-עדזש-לעס) אהן א געשטאלט.

im'age-mug *n.* (אימ'-עדזש-מאג) א קרוג וואס איז אויסגעמאכט אין דער פארם פון א מענשליכער פיגור.

im'agery *n.* (אימ'-עדזש-ער-אי) א בילד־ווערק; בילדער; שילדערונג; גע־דאנקען; ערצעהלונגס־בילד; איינבילדונג, פארשטעלונג אין געדאנקען.

im'age-wor'ship *n.* (אימ'-עדזש-הוואיר'-שיפ) בילדער־פערגעטערונג; גע־צענדיענסט.

imag'inable *a.* (אי-מעדזש'-אי-נעבל) דענקבאר, וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק.

imag'inableness *n.* (אי-מעדזש'-אי-נעבל-נעס) דענקבארקייט; דאס קענען פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק.

imag'inably *adv.* (אי-מעדזש'-אי-נע-בלי) אויף א דענקבארען אדער בעגרייפ־ליכען אופן; פארשטעלבאר; מעגליך.

imag'inal *a.* (אי-מעדזש'-אי-נעל) וואס איז שייך צו א פאלשטענדיג־ענטוויקעל־טען אינזעקט.

imag'inarily *adv.* (אי-מעדזש'-אי-נע-רי-לי) דורך איינבילדונג, דורך פארשטע־לען זיך אין געדאנק; ניט ווירקליך; אין דער פארשטעלונג; אין איינבילדונג.

imag'inariness *n.* (אי-מעדזש'-אי-נע-רי-נעס) דאס איינגעבילדעטע, דאס עקזיס־טירען נור אין איינבילדונג אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; אונווירקליכקייט.

imaginar'ity *n.* (אי-מעדזש-אי-נער'-אי-טי) אין מאטעמאטיק — דאס זיין אי־מאגינער. *imaginary* .ז

imag'inary *n. and a.* (אי-מעדזש'-אי-נע-רי) איינגעבילדעט, וואס עקזיסטירט נור אין דער איינבילדונג אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; ניט ווירקליך; אין מא־טעמאטיק — אימאגינער, ניט ווירקליך עקזיסטירענד נאר אין דער פארשטעלונג; אן אימאגינערע צאהל, א צאהל וועלכע קען נור פארגעשטעלט ווערען אין געדאנק, ווי צ. ב. דער קוואדראט ווארצעל פון [1—].

imag'inary quan'tities (אי-מעדזש'-אי-נע-רי קהוואנ'-טי-טיז) אין דער מא־טעמאטיק — אימאגינערע גרעסען [צאה־לען וועלכע ווערען נור פארגעשטעלט אין געדאנק אבער זיי עקזיסטירען ניט אין דער ווירקליכקייט].

imagina'tion *n.* (אי-מעדזש-אי-ניי'-שאן) אן איינבילדונג, א פארשטעלונג, אן אידעע, א געדאנק, א מחשבה; א פלאן; איינבילדונגס־קראפט, פאנטאזיע; א גרונד־לאזע אדער פאנטאסטישע מיינונג.

imagina'tional *a.* (אי-מעדזש-אי-ניי'-שאנ על) איינגעבילדעט, פאנטאסטיש; וואס איז שייך צו דער איינבילדונגס־קראפט.

imag'inative *a.* (אי-מעדזש'-אי-נע-טיוו) פול מיט פארשטעלונגען אדער איינ־בילדונגען; רייך אין פאנטאזיעס; וואס איז שייך צו דער איינבילדונגס־קראפט; ערפינדעריש; איינגעבילדעט.

imag'inative fac'ulty (אי'-מעדזש'-אי-נע-טיוו פעק'-אל-טי) די איינבילדונגס־קראפט.

imag'inatively *adv.* (אי-מעדזש'-אי-נע-טיוו-לי) דורך איינבילדונג אדער פאר־שטעלונג; מיט איינבילדונגס־קראפט; אויף אן איינגעבילדעטען אופן.

imag'inativeness *n.* (אי-מעדזש'-אי-נע-טיוו-נעס) רייכקייט אין פאנטאזיע; ערפינדזאמקייט; רייכקייט אין איינבי־דונגס־קראפט.

imag'ine *v.* (אי-מעדזש'-אין) זיך פאר־שטעלען; זיך דענקען; פלאנעווען אין גע־דאנק.

imag'iner *n.* (אי-מעדזש'-אי-נער) אן ערדענקער, אן ערפינדער; איינער וועלכער שאפט אידעען אדער פלענער.

im'aging *n.* (אימ'-עדזש-אינג) איינביל־דונג, פארשטעלונג.

ima'go *n.* (אי-מיי'-גאו) א פאלשטענדיג־ענטוויקעלטער אינזעקט [נאכדעם ווי ער איז דורכגעגאנגען די ענטוויקלונגס־שטופען פון א לארווא און א פופע].

imam' *n.* (אי-מאם') א מאכמעדאנישער הויפט אדער פיהרער; א מאכמעדאנישער גייסטליכער וואס לייענט די תפילות אין מעטשעט [מאכמעדאניש געבעט־הויז]; דער רעליגיעזער טיטעל וואס איז גענומען געווארען צו מאכמעד און זיינע ערשטע פיער נאכפאלגער.

imaum' *n.* (אי-מאהם') *imam* .ז

imband' *v.* (אים-בענד') צונויפזאמלען אין באנדעס.

im'becile *a. and n.* (אים' בע סיל) שוואך אין פערשטאנד; איינער וואס איז שוואך אין פערשטאנד; אן אידיאט.

imbecil'ity *n.* (אים-בע-סיל'-אי-טי) שוואכקייט אין פערשטאנד.

imbed' *v.* (אים-בעד') איינבעטען, אריינ־לעגען ווי אין א בעט; איינגראבען.

imbibe' *v.* (אים-באיב') איינטרינקען, איינזויגען [ווי א שוואם]; זיך אננעה־מען [מיט אימעצענס געדאנקען, פעהלע־רען א. ד. ג.].

imbi'ber *n.* (אים-באי'-בער) איינער אדער עטוואס וואס זויגט אין זיך אריין.

imbibi'tion *n.* (אים-בי-ביש'-אן) דאס איינזויגען.

imbow′ *v.* (אים-באו′) .ז *embow*

imbow′el *v.* (אים-באו′-על) .ז *embowel*

imbow′er *v.* (אים-באו′-ער) .ז *embower*

im′brex *n.* (אים′-ברעקס) אן אויסגעבויגענער ציגעל [ווי א דאך-ציגעל]; א דאך-ציגעל.

im′bricate *a. and v.* (אים′-ברי-קייט) אויסגעבויגענע ווי א דאך-ציגעל; וואס האט די פארם פון א דאך-ציגעל; לעגען איינס איבער'ן אנדערען ווי דאך-ציגעל.

im′bricated *a.* (אים′-ברי-קיי-טעד) אויסגעבויגענע ווי א דאך-ציגעל; וואס האט די פארם פון א דאך-ציגעל.

im′bricately *adv.* (אים′-ברי-קייט-לי) אויף דעם אופן פון דאך-ציגעל.

imbrica′tion *n.* (אים-ברי-קיי′-שאן) א דאך-ציגעל-פערמיגע בעדעקונג.



Imbrication

im′bricative *a.* (אים′-ברי-קע-טיוו) .ז *imbricated*

imbro′glio *n.* (אים-בראו′-ליאו) א פערפלאנטערונג; א פערוויקלונג; א פערפלאנטערטער ענין.

imbrue′ *v.* (אים-ברו′) דורכבענעצען, דורכנעצען; איינטונקען.

imbrute′ *v.* (אים-ברוט′) מאכען ברוטאל, טהיעריש אדער גרויזאם; ווערען ברוטאל אדער גרויזאם.

imbrute′ment *n.* (אים-ברוט′-מענט) דאס ווערען ברוטאל אדער טהיעריש; דאס מאכען ברוטאל אדער טהיעריש.

imbue′ *v.* (אים-ביו′) דורכנעצען, אנזאפען; איינטונקען; דורכדרינגען.

Americans are **imbued** with the idea of liberty.

imbue′ment *n.* (אים-ביו′-מענט) דורכנעצונג; דאס זיין דורכגענעצט אדער אנגעזאפט.

imitabil′ity *n.* (אים′-אי-טע-ביל′-אי-טי) דאס קענען נאכגעאהמט ווערען.

im′itable *a.* (אים′-אי-טעבל) וואס מען קען נאכאהמען אדער נאכמאכען; וואס איז ווערטה נאכצואהמען.

im′itableness *n.* (אים′-אי-טעבל נעס) .ז *imitability*

im′itably *adv.* (אים′-אי-טע-בלי) צום נאכאהמען, צום נאכמאכען.

im′itate *v.* (אים′-אי-טייט) נאכאהמען, נאכמאכען, נאכטהאן.

imita′tion *n. and a.* (אים-אי-טיי′-שאן) נאכאהמונג, נאכמאכונג; ניט עכט, נאכגעמאכט.

imita′tional *a.* (אים-אי-טיי′-שאנ-על) וואס איז נאכגעאהמט אדער נאכגעמאכט; ניט עכט.

imita′tionist *n.* (אים-אי-טיי′-שאנ-איסט) א נאכאהמער, א נאכמאכער.

im′itative *a.* (אים′-אי-טיי-טיוו) נאכאהמענד, נאכמאכענד, נאכגעאהמט, נאכגעמאכט; וואס פאסט פאר נאכאהמונג; וואס איז געניינט צו נאכאהמונג.

im′itatively *adv.* (אים′-אי-טיי-טיוו-לי) דורך נאכאהמונג; אויף א נאכגעאהמטען אדער נאכגעמאכטען אופן.

im′itativeness *n.* (אים′-אי-טיי-טיוו-נעס) דאס זיין נאכגעאהמט אדער נאכגעמאכט.

im′itator *n.* (אים′-אי-טיי-טאר) א נאכאהמער, א נאכמאכער.

im′itatorship *n.* (אים′-אי-טיי-טאר-שיפ) נאכאהמונג, נאכמאכעריי.

im′itatress *n.* (אים′-אי-טיי-טרעס) א נאכמאכערין, א נאכאהמערין.

im′itatrix *n.* (אים′-אי-טיי-טריקס) .ז *imitatress*

immac′ulacy *n.* (אי-מעק′-יו-לע-סי) דאס זיין ריין, אונבעפלעקט; דאס זיין מיט אן אונבעפלעקטען נאמען; דאס האבען איין קאליר. אהן פלעקען.

immac′ulate *a.* (אי-מעק′-יו-לייט) אונבעפלעקט, אהן א מום, ריין, קלאר.

Immac′ulate Concep′tion (אי-מעק′-יו-לייט קאנ-סעפ′-שאן) די אונבעפלעקטע בעפרוכטונג [א דאגמע אין דער קאטוילישער קירך, אז די הייליגע מאריע, קריסטוס'ס מוטער, איז אויך געבארען געווארען אהן א געשלעכטליכען פערקעהר צווישען א פרויענצימער און מאנספערזאן, ווי קריסטוס אליין].

immac′ulately *adv.* (אי-מעק′-יו-לייט-לי) מיט אן אונבעפלעקטער ריינקייט.

immac′ulateness *n.* (אי-מעק′-יו-לעט-נעס) ריינקייט, אונבעפלעקטקייט.

immal′leable *a.* (אי-מעל′-אי-עבל) אונשמיעדבאר, וואס לאזט זיך ניט שמיעדען, וואס קען זיך ניט אויסציהען אדער אויסברייטען דורך שמיעדען.

imman′acle *v.* (אים-ענ′-עקל) פערשמיעדען אין קייטען; אנטהאן קאנדאלען אויף די הענד.

immana′tion *n.* (אים-ע-ניי′-שאן) דאס אריינפליסען, דאס אריינטרעטען אין ערגעץ.

im′manence *n.* (אים′-ע-נענס) אין פילאזאפיע — אימאנענץ, אינערליכקייט, דאס וואס ענטהאלט זיך אין עצם פון דער זאך אליין [ווי למשל, די לעהרע, אז דער שאפענדער גייסט אדער גאט איז ניט א זאך וואס עקזיסטירט אויסער דער נאטור, נאר ענטהאלט אין זיך דעם עצם פון דער נאטור אליין].

im′manency *n.* (אים′-ע-נענ-סי) .ז *immanence*

im′manent *a.* (אים′-ע-נענט) אימאנענט, אינערליך; וואס געפינט זיך ניט אויסער דער זאך, נאר ליעגט אין עצם פון דער זאך גופא.

im′manent act (אים′-ע-נענט עקט) א טהאט, וועלכע ווירקט אינערליך אויף דער אורזאכע גופא, וואס האט ארויסגערופען דיזע טהאט, אבער ווירקט ניט אויף קיין אנדער זאך אויסער איהר.

imman′tle *v.* (אים-מענ′-טל) איינהילען אדער איינוויקלען ווי אין א מאנטעל.

Imman′uel *n.* (אי-מענ′-יו-על) עמנואל, גאט איז מיט אונז [דער נאמען פון רעטער פון אידישען פאלק, וועגען וועלכען ישעיה הנביא האט נביאות געזאגט, און די קריסטליכע לעהרע בעהויפטעט, אז אונטער דיזען נאמען האט ער געמיינט קריסטוס'ען].

immar′ginate *a.* (אי-מאר′-דזשי-נייט) אהן ראנדען.

immate′rial *a. and n.* (אים-ע-טי′-רי-על) ניט מאטעריעל, אונקערפערליך; אונבעדייטענד, ניט וויכטיג; דאס וואס איז אונמאטעריעל אדער אונקערפערליך.

immate′rialism *n.* (אים-ע-טי′-רי-על-איזם) אימאטעריאליזם, די לעהרע לויט וועלכער עס עקזיסטירען גייסטער אהן קערפערס, ספיריטואליזם; די לעהרע, אז קיין מאטעריעלע וועלט עקזיסטירט ניט און אלע זאכען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים זיינען ניט מעהר ווי אונזערע פארשטעלונגען; אידעאליזם.

immate′rial is′sue (אים-ע-טי′-רי-על איש′-אוה) אין געריכטס-פראצעס — א ניט-וויכטיגע אדער אונבעדייטענדע שטרייט-פראגע [ווי למשל, ווען איינער מאהנט פון צווייטען געלד פאר סחורה און דער צווייטער איז מודה, אז ער האט ווירקליך געקויפט די סחורה, נאר ניט אין דעם טאג ווי דער אנקלאגער וויזט אן].

immate′rialist *n.* (אים-ע-טי′-רי-על-איסט) איינער וואס גלויבט דאס עס עקזיסטירען גייסטער אהן קערפערס; איינער וועלכער האלט, אז קיין מאטעריעלע וועלט עקזיסטירט ניט.

immaterial′ity *n.* (אים-ע-טי-רי-על′-אי-טי) אונקערפערליכקייט; דאס זיין בלויז גייסטיג; אן אונמאטעריעלע אדער אונקערפערליכע זאך; אונוויכטיגקייט; דאס ניט האבען קיין בעדייטונג.

immate′rialize *v.* (אים-ע-טי′-רי-על-איז) מאכען אונקערפערליך; בעפרייען פון חומר אדער שטאף.

immate′rially *adv.* (אים-ע-טי′-רי-על-אי) אויף אן אונבעדייטענדער אדער ניט וויכטיגער ארט; אויף אן אונקערפערליכען אדער גייסטיגען שטייגער.

immature′ *a.* (אים-ע-טיור′) אונרייף, אונצייטיג; פריהצייטיג.

immatured′ *a.* (אים-ע-טיורד′) אונרייף, אונצייטיג.

immature′ly *adv.* (אים-ע-טיור′-לי) צופריה, פאר דער צייט.

immature′ness *n.* (אים-ע-טיור′-נעס) אונצייטיגקייט, אונרייפקייט.

immatu′rity *n.* (אים-ע-טיו′-רי-טי) .ז *immatureness*

immeasurabil′ity *n.* (אי-מעזש-אור-ע-ביל′-אי-טי) .ז *immeasurableness*

immeas′urable *a.* (אי-מעזש′-אור-עבל) וואס קען ניט אויסגעמעסטען ווערען; אונערמעסליך, זעהר גרויס.

immeas′urableness *n.* (אי-מעזש′-אור-עבל-נעס) אונערמעסליכקייט; דאס ניט קענען זיין אויסגעמעסטען; א זאך וואס האט קיין גרענעץ ניט.

immeas′urably *adv.* (אי-מעזש′-אור-ע-בלי) ביז אין דער אונענדליכקייט.

imme′diacy *n.* (אי-מי′-די-ע-סי) דאס שטעהן דירעקט אדער אונמיטעלבאר צו עפעס; דאס זיין אהן א פערמיטלער, דאס האבען א דירעקטע שייכות; אין פילאזאפיע — דאס וואס עקזיסטירט אן און פאר-זיך, אהן וועלכער ניט איז שייכות צו אן אנדער זאך, אן אבסאלוטעס וועזען.

imme′diate *a.* (אי-מי′-די-אייט) זאפארטיג, באלד, גלייך; אונמיטעלבאר; וואס האט א דירעקטע שייכות.

imme′diate agglutina′tion (אי-מי′-די-אייט ע-גלוה-טי-ניי′-שאן) אין כירורגיע — דאס פערהיילען א וואונד, צוזאמענהעפטענדיג דירעקט די צוריסענע אדער פאנאנדערגעשניטענע טיילען, ניט לעגענדיג צווישען זיי וועלכע עס איז זאך.

imme′diate cer′tainty (אי-מי′-די-אייט סויר′-טענ-טי) אן אונמיטעלבארע

געוויסהייט, א זאך, וועלכע מען האלט פאר געווים ניט אויף'ן גרונט פון לאגישען דענקען, נאר אונמיטעלבאר [ווי למשל, די געוויסהייט, אז שווארץ איז ניט ווייס, אז א קרייז איז ניט קיין קוואדראט א. ד. ג.].

imme'diate good (אי-מי'-די-אייט גוד) עטוואס וואס ווערט אנערקענט אלס ציעל אן און פאר זיך.

imme'diately *adv.* (אי-מי'-די-אייט-לי) אויגענבליקליך; אונמיטעלבאר, דירעקט.

imme'diateness *n.* (אי-מי'-די-אייט-נעס) דאס זיין אונמיטעלבאר; באלדקייט, אויגענבליקליכקייט.

imme'diate tes'timony (אי-מי'-די-אייט טעס'-טי מא ני) דאס עדות=זאגען פון פערזענליכער ערפאהרונג [ווען דער עדות האט אליין געזעהן אדער איז אליין בעקאנט דערמיט וועגען וואס ער זאגט עדות].

imme'diatism *n.* (אי-מי'-די-ע-טיזם) אונמיטעלבארקייט, אונפערמיטעלטקייט; באלדיגקייט.

immed'icable *a.* (אי-מעד'-אי-קייבל) וואס קען ניט אויסגעהיילט ווערען; אונהיילבאר.

immelo'dious *a.* (אים-אי-לאו'-די-אס) ניט מעלאדיש.

immemo'rial *a.* (אים-ע-מאו'-רי-על) אונגעדענקליך, וואס מען קען ניט געדענקען; פון אונגעדענקליכע אלטע צייטען.

immemo'rially *adv.* (אים-ע-מאו'-רי-על-אי) פארצייטיג, פון גאנץ אלטע צייטען.

immense' *a.* (אי-מענס') אונגעהויער גרויס, אונערמעסליך, אונבעגרענצט, אונענדליך; פון זעהר א גרויסער קוואנטיטעט; ריעזיג; גרויסארטיג.

immense'ly *adv.* (אי-מענס'-לי) זעהר גרויס; ביז אן אונגעהויערען גראד.

immense'ness *n.* (אי-מענס'-נעס) ז. *immensity*.

immen'sity *n.* (אי-מענ'-סי-טי) אונערמעסליכקייט, אונענדליכקייט; א גוואלדיגע גרויס.

immensurabil'ity *n.* (אי-מענ-שו-רע-ביל'-אי-טי) אונערמעסליכקייט, אונענדליכקייט.

immen'surable *a.* (אי-מענ'-שו-רעבל) אהן א מאס, אונערמעסליך, אונענדליך גרויס.

im'mer *n.* (אימ'-ער) דער אייז=טויכער [אזא גרויסער וואסער=פויגעל]. ז. *ember-goose*.

immerge' *v.* (אי-מוירדזש') אונטערטויכען; פערשווינדען אדער ניט לאזען זיך מעהר זעהן [ווי א שטערען ווערט פערשוואונדען פון אויג, ווען איהם פערשטעלט דער שיין פון דער זון אדער ווי די לבנה ווערט ניט געזעהן, ווען זי געהט אריין אין דעם שאטען פון דער ערד].

immer'sable *a.* (אי-מויר'-סעבל) ז. *immersible*.

immerse' *v.* (אי-מוירס') אונטערטויכען, אונטערטונקען זיך אדער אריינלאזען זיך אין א שטראם; טובל זיין; אריינטהאן זיך אין עטוואס.

immersed' *a.* (אי-מוירסט') אריינגעטויכט אין א שטראם, איינגעזונקען; אריינגעטהאן, אין גאנצען זיך איבערגעגעבען צו עפעס; אין באטאניק — וואס וואקסט אונטער'ן וואסער אדער צווישען שפאלטען פון פעלזען אדער ערד.

immer'sible *a.* (אי-מייר'-סיבל) וואס קען זיך אונטערטויכען; וואס קען אין גאנצען אריינדרינגען.

immer'sion *n.* (אי-מויר'-שאן) דאס אונטערטויכען, דאס אריינלאזען זיך מיט'ן קאפ אין וואסער; דאס אריינדרינגען טיעף אין אן עניין, דאס איבערגעבען זיך אין גאנצען צו א געוויסער זאך; אין אסטראנאמיע — דאס פערשווינדען פון א שטערען אדער אנדער הימלישען קערפער דורך דעם, וואס ער געהט אריין אין שאטען פון דער זון אדער פון דער ערד; דאס אריינשטעלען א טראפען פליסיגקייט אין א מיקראסקאפ; דאס בעדעקען א לייםענע כלי מיט גלאזור אונטערטונקענדיג זי אין א קעסעל מיט פאנאנדערגעלאזענער גלאזור.

immer'sionist *n.* (אי-מויר'-שאנ-איסט) אן אימערסיאניסט, אן אנהענגער פון א קריסטליכער סעקטע, וועלכע האלט, אז ביים טויפען דארף מען אין גאנצען זיך טובל זיין און ניט נאר בעשפריצען מיט דעם הייליגען טויף=וואסער, ווי ביי די אנדערע קריסטען.

immesh' *v.* (אים-מעש') בעשטריקען, ארומוויקלען אדער איינדרעהען אין א נעץ.

immethod'ical *a.* (אים-אי-טהאד'-אי-קעל) אהן א מעטאדע, אהן א סדר, ניט אין א סיסטעמאטישער ארדנונג.

immethod'ically *adv.* (אים-אי-טהאד'-אי-קעל-אי) אויף אן אונמעטאדישען שטייגער; אהן א סיסטעמאטישער ארדנונג.

immethod'icalness *n.* (אים-אי-טהאד'-אי-קעל-נעס) דאס זיין אונמעטאדיש אדער אהן א סדר.

im'migrant *n. and a.* (אימ'-אי-גרענט) אן אימיגראנט, אן איינוואנדערער; איינער וועלכער האט איינגעוואנדערט פון אן אנדער לאנד; וואס האט איינגעוואנדערט פון אן אנדער לאנד.

im'migrate *v.* (אימ'-אי-גרייט) אימיגרירען, איינוואנדערען, אנקומען פון אן אנדער לאנד.

immigra'tion *n.* (אים-אי-גריי'-שאן) אימיגראציאן, איינוואנדערונג.

im'minence *n.* (אימ'-אי-נענס) עפעס וואס שטעהט אימעצען פאר; דאס וואס מוז אונפערמיידליך קומען; אונפערמיידליכקייט.

im'minent *a.* (אימ'-אי-נענט) וואס מוז פארקומען; וואס איז אונפערמיידליך.
The approach of the enemy was **imminent.**

im'minently *adv.* (אימ'-אי-נענט-לי) אויף אן אונפערמיידליכען אופן.

immiscibil'ity *n.* (אי-מיס-אי-ביל'-אי-טי) אונפערמישבארקייט; דאס ניט קענען פערמישט ווערען.

immis'cible *a.* (אי-מיס'-איבל) וואס קען ניט פערמישט ווערען [ווי אויל מיט וואסער].

immis'sion *n.* (אי-מיש'-אן) דאס אריינלאזען אדער אריינברייננגען; דאס אריינשפריצען.

immit' *v.* (אים-מיט') אריינלאזען; אריינשפריצען.

immit'igable *a.* (אי-מיט'-אי-געבל) וואס לאזט זיך ניט בויגען; וואס וויל ניט ווייכער ווערען; וואס לאזט זיך ניט איבערבעטען.

immit'igably *adv.* (אי-מיט'-אי-גע-בלי) ניט לאזענדיג זיך בויגען אדער איינבעטען.

immix' *v.* (אים-מיקס') אריינמישען, פערמישען.

immix'able *a.* (אי-מיק'-סעבל) וואס קען זיך ניט פערמישען.

immo'bile *a.* (אי-מאו'-ביל) אונבעוועגליך, פעסט; וואס ווערט ניט געריהרט [פון געפיהלען].

immobil'ity *n.* (אים-א-ביל'-אי-טי) אונבעוועגליכקייט, פעסטקייט; אונפעהיגקייט געריהרט צו ווערען [פון געפיהלען].

immobiliza'tion *n.* (אי-מאו בי-לי-זיי'-שאן) דאס מאכען פעסט, אונבעוועגליך; דאס מאכען אדער זיין ניט מאביליזירט אדער קריעגס=פערטיג [וועגען אן ארמעע אדער פלאטע].

immo'bilize *v.* (אי-מאו'-בי-לאיז) מאכען אונבעוועגליך אדער פעסט; מאכען ניט מאביליזירט אדער קריעגס=פערטיג [אן ארמעע אדער פלאטע].

immod'erate *a.* (אי-מאד'-ע-רייט) ניט מעסיג, וואס כאפט אריבער די מאס.

immod'erately *adv.* (אי-מאד'-ע-רייט-לי) איבער דער מאס, אריבערכאפענדיג די מאס.

immod'erateness *n.* (אי-מאד'-ע-רייט-נעס) אונמעסיגקייט, דאס אריבערכאפען די מאס.

immodera'tion *n.* (אי-מאד-ע-ריי'-שאן) ז. *immoderateness*.

immod'est *a.* (אי-מאד'-עסט) ניט בעשיידען, חוצפה'דיג; ניט צניעות'דיג, אונאנשטענדיג.

immod'estly *adv.* (אי-מאד'-עסט-לי) אויף אן אונבעשיידענעם, חוצפה'דיגען אדער אונאנשטענדיגען אופן.

immod'esty *n.* (אי-מאד'-עס-טי) אונבעשיידענהייט, חוצפה, אונאנשטענדיגקייט.

im'molate *v.* (אימ'-א-לייט) מקריב זיין.

immola'tion *n.* (אים-א-ליי'-שאן) דאס מקריב זיין; דאס ווערען געבראכט אלס קרבן; א קרבן.

im'molator *n.* (אימ'-א ליי-טאר) איינער וואס איז מקריב א קרבן.

immo'ment *a.* (אי-מאו'-מענט) ז. *immomentous*.

immomen'tous *a.* (אים-א-מענ'-טאס) אונבעדייטענד, אונוויכטיג.

immor'al *a.* (אי-מאר'-על) אונמאראליש, אהן מדות, אהן זיטען.

immoral'ity *n.* (אים-א-רעל'-אי-טי) אונמאראליטעט, אונזיטליכקייט.

immor'ally *adv.* (אי-מאר'-על-אי) אונמאראליש; אונזיטליך.

immorig'erous *a.* (אים-א-רידזש'-ע-ראס) אונגעהארכזאם; גראב.

immorig'erousness *n.* (אים א-רידזש'-ע-ראס-נעס) אונגעהארכזאמקייט; גראבקייט.

immor'tal *a. and n.* (אי-מאר'-טעל) אונשטערבליך; אייביג; אן אונשטערבליכער [אין דער גריכיש=רוימישער מיטאלאגיע — איינער פון די געטער].

immor'tal herb (אי-מאר'-טעל הוירב) די שטרוי=בלום [אזא פלאנצע].

immortalisa'tion *n.* (אי-מאר-טעל-אי-זיי'-שאן) ז. *immortalization*.

immor'talise *v.* (אי-מאר'-טעל-איז) ז. *immortalize*.

immor'talist *n.* (אי-מאר'-טעל-איסט) אן אימארטאליסט [איינער וואס גלויבט אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה].

immortal'ity *n.* (אים-אר-טעל'-אי-טי) אונשטערבליכקייט, אייביגקייט.

immor'talize *v.* (אי-מאר'-טעל-איז) מאכען אונשטערבליך, פעראייביגען; ווערען אונשטערבליך, זיך פעראייביגען.

immortaliza'tion *n.* (אי-מאר-טעל-אי-זיי'-שאן) פעראייביגונג, דאס מאכען אונשטערבליך, דאס ווערען אונשטערבליך.

immor'tally *adv.* (אי-מאר'-טעל-אי) אונשטערבליך; אויף אייביג.

immortelle' *n.* (אים-אר-טעל') די אימארטעלע [אזא בלום]; א קראַנץ פון אימארטעלען.

Immortelles

immo'tile *a.* (אי-מאו'-טיל) אונבעוועגליך, פעסט.

immo'tive *a.* (אי-מאו'-טיוו) אונפעהיג זיך צו בעוועגען.

immovabil'ity *n.* (אי-מו-ווע-ביל'-אי-טי) אונבעוועגליכקייט; פעסטקייט.

immo'vable *a.* (אי-מו'-וועבל) אונבעוועגליך; פעסט; וואס ווערט ניט געריהרט [פון געפיהלען], אונעמפפינדליך; אונבעוועגליכעס [וועגען אייגענטום]. –

immo'vable feast (אי מו'-וועבל פיעסט) א יום טוב וואס קומט אימער פאר אין איין און דעמזעלבען דאטום.

immo'vableness *n.* (אי-מו'-וועבל-נעס) ז. *immovability*.

immo'vables *n.* (אי-מו'-וועבלז) אונבעוועגליך אייגענטום.

immund' *a.* (אי-מאַנד') אונריין.

immun'dity *n.* (אי-מאַנ'-די-טי) אונריינקייט.

immune' *a. and n.* (אי-מיון') בעשיצט פון עפעס, ניט אונטערווארפען צו עפעס; בעשיצט פון א קראנקהייט דורך אן איינשפריצונג פון דעם גיפט פון דערזעלבער קראנקהייט [ווי למשל, ביי פאקען-שטעלען] אדער דורך דעם וואס די פערזאן האט שוין געליטען פון דיעזער קראנקהייט; איינער וואס איז אויף דיעזען אופן געשיצט פון א געוויסער קראנקהייט.

immune' se'rum (אי-מיון' סי'-ראם) א שטאף וואס דיענט פאר קינסטליכער אנשטעקונג מיט א געוויסער קראנקהייט און פערהיט דערמיט פון דיעזער קראנקהייט [ווי ביי פאקען].

immu'nity *n.* (אי-מיו'-ני-טי) פרייהייט, בעפרייאונג; בעפרייאונג פון געוויסע פפליכטען, אבצאהלונגען א. ד. ג.; א ספעציעלע פריווילעגיע.

immuniza'tion *n.* (אי-מיו-ני-זיי'-שאן) דאס שיצען געגען געוויסע אנשטעקענדע קראנקהייטען דורך קינסטליכער אנשטעקונג מיט דעם גיפטיגען שטאף וואס ענטוויקעלט זיך ביי אזא קראנקהייט [ווי למשל, ביי פאקען-שטעלען].

immu'nize *v.* (אי-מיו'-נאיז) בעשיצען געגען געוויסע קראנקהייטען [הויפטזעכליך דורך קינסטליכער אנשטעקונג, מיט דעם גיפט וואס ענטוויקעלט זיך ביי דיעזער קראנקהייט, ווי למשל, ביי פאקען-שטעלען].

immure' *v.* (אי-מיור') ארוממויערען, ארומרינגלען מיט ווענד, איינמויערען, איינשפארען אין תפיסה.

immure'ment *n.* (אי-מיור'-מענט) דאס איינמויערען, דאס אריינמויערען, דאס אריינזעצען אין תפיסה.

immutabil'ity *n.* (אי-מיו-טע-ביל'-אי-טי) אונפערענדערליכקייט; דאס זיין אונפערענדערליך.

immu'table *a.* (אי-מיו'-טעבל) אונפערענדערליך; וואס איז ניט מעגליך צו ענדערען.

The laws of nature are immutable.

immu'tableness *n.* (אי-מיו'-טעבל-נעס) ז. *immutability*.

immu'tably *adv.* (אי-מיו'-טע-בלי) אויף אן אופן וואס איז אונמעגליך צו ענדערען.

immuta'tion *n.* (אי-מיו-טיי'-שאן) די ענדערונג, פערענדערונג.

imp *n. and v.* (אימפ) א קליינער טייוועל; א שלעכט, קאפריזנע קינד; א צוזאץ צו עפעס, א צוגעגעבען שטיקעל, כדי צו מאכען די זאך לענגער אדער גרעסער; פערגרעסערען א זאך, צוגעבענדיג צו איהר נאך א שטיקעל.

im'pact *n.* (אימ'-פעקט) א שטויס, אן אבקלאפונג.

impact' *v.* (אים-פעקט') צוזאמענפאקען.

impa'ges *n.* (אים-פיי'-דזשיז) די קווערליעגענדע באלקענס פון א טהיר-ראהם.

impair' *v.* (אים-פעהר') פערמינדערען, פערדארבען, פערערגערען, שעדיגען.

He is impairing his strength by over-work.

impair'er *n.* (אים-פעהר'-ער) א פערדארבער, א שעדיגער.

impair'ment *n.* (אים-פעהר'-מענט) פערמינדערונג, שעדיגונג, פערדארבונג.

impale' *v.* (אים-פייל') זעצען אויף'ן פלאקען [אן אלטע פארם פון טויט-שטראף, וואס דעם פעראורטיילטען פלעגט מען ארויפזעצען אויף א שפיציגען פלאקען]; מאכען איינעם אונמעכטיג אדער הילפלאז; ארומצאמען א פלאץ מיט פלעקער.

impale'ment *n.* (אים-פייל'-מענט) דאס ארויפזעצען אויף'ן פלאקען [ז. *impale*]; דאס ארומצאמען א פלאץ מיט פלעקער; די איינשליסונג; א צאם; אן ארומגעצאמט שטיקעל לאנד.

impalm' *v.* (אים-פאם') אננעהמען; נעהמען אין האנד.

impalpabil'ity *n.* (אים-פעל-פע-ביל'-אי-טי) אונפיהלבארקייט, דאס ניט לאזען זיך פיהלען ביים אנריהרען [ווי זעהר א דינע זאך, ווי א שאטען].

impal'pable *a.* (אים-פעל'-פעבל) אונפיהלבאר, וואס לאזט זיך ניט פיהלען ביים אנריהרען; זעהר דין, רוחניות'דיג.

impal'pably *adv.* (אים-פעל'-פע-בלי) אויף אן אונפיהלבארען שטייגער.

impal'sy *v.* (אים-פאהל'-זי) פאראליזירען.

impa'nate *v. and a.* (אים-פיי'-נייט) אין דער קריסטליכער רעליגיאן — פערקערפערען אין ברויט; פערקערפערט אין ברויט [וועגען דעם בלוט און פלייש פון קריסטוס]. ז. *impanation*.

impana'tion *n.* (אים-פע-ניי'-שאן) אין דער קריסטליכער רעליגיאנס-לעהרע— די בעהויפטונג, אז דאס בלוט און פלייש פון קריסטוס איז נור ענטהאלטען אין דעם ברויט און וויין פון היילינען אבענדמאל [אין געגענזאץ צו דער בעהויפטונג, אז דאס היילינע ברויט און וויין ווערט אין גאנצען פערוואנדעלט אין דעם פלייש און בלוט פון קריסטוס].

impan'el *v.* (אים-פענ'-על) אויסשטעלען א צעטעל פון פערזאנען פאר געריכטס-געשווארענע; איינשרייבען אדער רעגיסטרירען.

impan'elment *n.* (אים-פענ'-על-מענט) דאס אויסשטעלען א צעטעל פון פערזאנען פאר געריכטס-געשווארענע; דאס זיין איינגעשריבען אין דעם צעטעל פאר געריכטס-געשווארענע.

impar'adise *v.* (אים-פער'-ע-דאיס) אריינזעצען אין גן-עדן, גליקליך מאכען.

imparidig'itate *a.* (אים-פער-אי-דידזש'-אי-טייט) אין זאאלאגיע — וואס די צאהל פינגער איז אום [וועגען בעשעפענישען וואס די צאהל פון זייערע פינגער, איז אום און ניט גראד, ווי פון דער מענשליכער האנד, למשל].

imparipin'nate *a.* (אים-פער-אי-פינ'-אייט) אין באטאניק — וואס די צאהל בלעטער איז אום [וועגען פלאנצען-צווייגלעך וואס זייער צאהל בלעטער איז אום און ניט גראד, ווי די פלאנצען וואס האבען פעדער-ארטיגע צווייגלעך, וואו די בלעטער וואקסען פארווייז איינע געגען די אנדערע און אויף'ן שפיץ פון צווייגעל איז נור איין בלעטעל].

Imparipinnate Leaf

imparisyllab'ic *a.* (אים-פער-אי-סי-לעב'-איק) אין גראמאטיק — וואס בעשטעהט פון אן אונגלייכער צאהל זילבען.

impar'ity *n.* (אים-פער'-אי-טי) אונגלייכהייט, פערשיעדענהייט.

impark' *v.* (אים-פארק') ארומצאמען אלס א פארק; איינשליסען, ארומצאמען.

imparl' *v.* (אים-פארל') אבלעגען דעם משפט, אז די געגנערישע צדדים זאלען אליין מישוה ווערען צווישען זיך.

impar'lance *n.* (אים-פאר'-לענס) דאס אבלעגען א פראצעס אום די געגנערישע צדדים זאלען אליין מושוה ווערען צווישען זיך; דאס פערציהען א פראצעס אום צו געבען דעם אנגעקלאגטען צייט זיך צו איבערלעגען.

imparsonnee' *a. and n.* (אים-פאר-סא-ניע') וואס איז אנגעשטעלט געווארען אויף א קירכליכען אמט מיט א קירכליכען בעזיץ; א גייסטליכער וואס איז אנגעשטעלט געווארען אויף א קירכליכען אמט מיט א קירכליכען בעזיץ.

impart' *v.* (אים-פארט') געבען; איינטיילען אדער געבען א חלק; מיטטיילען; בעקאנטמאכען, ערקלערען.

imparta'tion *n.* (אים-פאר-טיי'-שאן) איינטיילונג; מיטטיילונג.

impar'ter *n.* (אים-פאר'-טער) א מיטטיילער; אן ערקלערער.

impar'tial *a.* (אים-פאר'-שעל) אונפארטייאיש; גערעכט.

impar'tialist *n.* (אים-פאר'-שעל-איסט) אן אונפארטייאישער.

impartial'ity *n.* (אים-פאר-שי-על'-אי-טי) אונפארטייליכקייט; גערעכטיגקייט.

impar'tially *adv.* (אים-פאר'-שעל-אי) אויף אן אונפארטייאישען אופן; מיט גערעכטיגקייט.

impar'tialness *n.* (אים-פאר'-שעל-נעס) אונפארטייליכקייט.

impartibil'ity *n.* (אים-פאר-טי-ביל'-אי-טי) אונטיילבארקייט; מיטטיילבארקייט; דאס קענען געגעבען ווערען.

impar'tible *a.* (אים-פאר'-טיבל) וואס

קען מיטגעטיילט אדער נעגעבען ווערען; אונטיילבאר, וואס קען ניט געטיילט ווערען.

impar'ticled *a.* (אים-פאר'-טיקלד) וואס בעשטעהט ניט פון טיילכעלעך.

impart'ment *n.* (אים-פארט'-מענט) מיטטיילונג, בעקאנטמאכונג.

impassabil'ity *n.* (אים-פעס-ע-ביל'-אי-טי) אונדורכגאנגבארקייט.

impass'able *a.* (אים-פעס'-עבל) אונדורכגאנגבאר, וואס מען קען ניט דורכגעהן.

impass'ableness *n.* (אים-פעס'-עבל-נעס) דאס זיין אונדורכגאנגבאר; אונדורכגאנגבארקייט.

impass'ably *adv.* (אים-פעס'-ע-בלי) אונדורכגאנגבאר, אויף אן אופן וואס מען קען ניט דורכגעהן.

impassibil'ity *n.* (אים-פעס-אי-ביל'-אי טי) ליידענס־אונפעהיגקייט; אונעמפפינדליכקייט אדער אונפיהלבארקייט צו שמערצען; געפיהללאזיגקייט.

impas'sible *a.* (אים-פעס'-איבל) ליידענס־אונפעהיג; ניט עמפפינדליך; וואס ליידעט ניט, וואס פיהלט ניט; וואס האט ניט קיין מיטגעפיהל; געפיהללאז.

impas'sibleness *n.* (אים-פעס'-איבל-נעס) ז. *impassibility*

impas'sion *v.* (אים-פעש'-אן) שטארק ריהרען, בעוועגען; ליידענשאפטליך ערעגען, בעגייסטערען.

impas'sionable *a.* (אים-פעש'-אן-עבל) וואס ווערט לייכט אויפגערעגט, ליידענשאפטליך, התלהבות'דיג.

impas'sionate *v.* (אים-פעש'-אן-אייט) שטארק אויפרעגען; שטארק ריהרען; שטארק בעגייסטערען, אריינברייננען אין התלהבות.

impas'sioned *a.* (אים-פעש'-אנד) אויפגערעגט, בעגייסטערט.

- An impassioned appeal always wins applause.

impas'sive *a.* (אים-פעס'-איוו) אונפעהיג צו ליידען, אונעמפפינדליך; וואס פיהלט ניט קיין שמערץ; געפיהללאז; אפאטיש.

impas'sively *adv.* (אים-פעס'-איוו-לי) אהן עמפפינדליכקייט צו שמערצען; ניט האבענדיג די פעהיגקייט צו פיהלען שמערצען; געפיהללאז.

impas'siveness *n.* (אים-פעס'-איוו-נעס) אונעמפפינדליכקייט אדער אונפיהלבארקייט פאר שמערצען; געפיהללאזיגקייט, אונעמפפינדליכקייט.

impassiv'ity *n.* (אים-פע-סיוו'-אי-טי) ז. *impassiveness*

impasta'tion *n.* (אים-פעס-טיי'-שאן) דאס פערקנעטען ווי א טייג; א צונויפמישונג און פערקנעטונג פון מאטעריאלען פון וועלכע עס ווערען געמאכט פארצעלייענע כלים אדער פאלשער מארמאר; דאס דיק אנלעגען פארבען [אין מאלען].

impaste' *v.* (אים-פייסט') פערקנעטען; פערקנעטען ווי א טייג; דיק אנלעגען פארבען [אין מאלען].

impas'to *n.* (אים-פעס'-טאו) א דיקע אנלעגונג פון פארבען ביים מאלען.

impa'tience *n.* (אים-פיי'-שענס) אונגעדולד, אונגעדולדיגקייט; אונגדולדזאמקייט [דאס ניט קענען פערטראגען אדער ליידען].

Impa'tiens *n.* (אים-פיי'-שי-ענז) די באלזאם־גראזען.

impa'tient *a.* (אים-פיי'-שענט) אונגעדולדיג; וואס קען ניט דולדען, וואס קען ניט ליידען אדער פערטראגען.

impa'tiently *adv.* (אים-פיי'-שענט-לי) מיט אונגעדולד; אויף אן אונגעדולדיגען אופן; ניט דולדענדיג.

impawn' *v.* (אים-פאהן') פער'משכון'ען, פערפאנדען, פערזעצען.

impeach' *v.* (אים-פיטש') ציהען צו פעראנטווארטליכקייט: אנקלאגען, בעשולדיגען; שטעלען אין צווייפעל; דערוועקען א ספק; שטעלען אונטער א פראגעצייכען; בעשטרייטען.

impeachabil'ity *n.* (אים-פיטש-ע-ביל'-אי-טי) דאס זיין ווערטה אנגעקלאגט צו ווערען; דאס קענען געשטעלט ווערען אין א צווייפעל; דאס זיין בעשטרייטבאר.

impeach'able *a.* (אים-פיטש'-עבל) אנקלאגבאר, וואס קען אדער פערדיענט אנגעקלאגט צו ווערען; בעשטרייטבאר; וואס קען געשטעלט ווערען אין צווייפעל.

impeach' a wit'ness (אים-פיטש' ע הוויט'-נעס) שטעלען אין צווייפעל די גלויבווירדיגקייט פון אן עדות.

impeach'er *n.* (אים-פיטש'-ער) א קלעגער, אן אנקלאגער.

impeach'ment *n.* (אים-פיטש'-מענט) דאס רופען צו פעראנטווארטליכקייט; אן אנקלאגע, א בעשולדיגונג, א פארוואורף, אן אויסרייד; דאס שטעלען אין צווייפעל; דאס שטעלען אונטער א פראגע־צייכען.

impearl' *v.* (אים-פוירל') בעציערען מיט פערל; מאכען עהנליך צו פערל.

impeccabil'ity *n.* (אים-פעק-ע-ביל'-אי-טי) אונפעהיגקייט צו זינדיגען אדער בעגעהן א פערברעכען; זינדלאזיגקייט.

impec'cable *a.* (אים-פעק'-עבל) אונפעהיג צו זינד אדער צו פערברעכען; זינדלאז, ריין פון זינד.

impec'cance *n.* (אים-פעק'-ענס) ז. *impeccancy*

impec'cancy *n.* (אים-פעק'-ען-סי) זינדלאזיגקייט.

impec'cant *a.* (אים-פעק'-ענט) זינדלאז, אהן זינד.

impecu'niary *a.* (אים-פי-קיו'-ני-ע-רי) ז. *impecunious*

impecunios'ity *n.* (אים-פי-קיו-ני-אס'-אי-טי) ארימקייט, קבצנות.

impecu'nious *a.* (אים-פי-קיו'-ני-אס) ארים, פער'דלפן'ט.

impe'dance *n.* (אים-פי'-דענס) אין עלעקטריציטעט — ווידערשטאנד, הינדערניס; אימפעדאנץ [א פערגרעסערונג פון דעם עלעקטרישען ווידערשטאנד אין אן עלעקטרישען שטראם־קרייז דורך דער עלעקטרישער אינדוקציאן]; הינדערונג.

impede' *v.* (אים-פיד') פערהינדערען, שטערען; איינהאלטען.

imped'ible *a.* (אים-פעד'-איבל) וואס האלט אב, וואס שטערט, וואס הינדערט.

impe'dient *a.* and *n.* (אים-פי'-די-ענט) וואס הינדערט אדער שטערט; א הינדערניס אדער שטערונג.

imped'iment *n.* (אים-פעד'-אי-מענט) א הינדערניס, א שטערונג.

impedimen'ta *n.* (אים-פעד-אי-מענ'-טא) הינדערניסע, שטערונגען [בעזאנדערס וועגען צופיעל מיטגענומענע זאכען אויף א רייזע]; זאכען וואס שטערען אדער הינדערען [איבערהויפט אויף א רייזע].

impedimen'tal *a.* (אים-פעד-אי-מענ'-טעל) וואס שטערט אדער הינדערט.

imped'itive *a.* (אים-פעד'-אי-טיוו) וואס פעראורזאכט א הינדערניס אדער שטערונג; וואס שטערט אדער הינדערט.

impel' *v.* (אים-פעל') טרייבען, אנטרייבען.

impel'lent *a.* and *n.* (אים-פעל'-ענט) טרייבענד, וואס טרייבט; א טרייב־קראפט, א בעוועגונגס־קראפט.

impel'ler *n.* (אים-פעל'-ער) א טרייבער, אן אנטרייבער; א טרייב־קראפט, א בעוועגונגס־קראפט.

impen' *v.* (אים-פען') איינשליסען, איינשפארען.

impend' *v.* (אים-פענד') אריבערהענגען; זיין גרייט ארונטערצופאלען; זיין נאהנט עס זאל פאסירען; דראהען [אלס בעפארשטעהענדע געפאהר אדער אונגליק].

impen'dence *n.* (אים-פענ'-דענס) דאס אריבערהענגען; א געפעהרליכע שטעלונג אדער לאגע; דאס בעפארשטעהען [ווי א געפאהר].

impen'dency *n.* (אים-פענ'-דען-סי) ז. *impendence*

impen'dent *a.* (אים-פענ'-דענט) בעפאר־שטעהענד; דראהענד, שוועבענד [ווי א געפאהר].

impenetrabil'ity *n.* (אים-פען-אי-טרע-ביל'-אי-טי) אונדורכדרינגליכקייט; אונערפארשליכקייט; אונפערשטענדליכקייט; אונצוגענגליכקייט; טעמפקייט, אונעמפפינדליכקייט.

impen'etrable *a.* (אים-פענ'-אי-טרעבל) אונדורכדרינגליך; אונערפארשליך; אונצוגענגליך; אונפערשטענדיג.

impen'etrableness *n.* (אים-פענ'-אי-טרעבל-נעס) ז. *impenetrability*

impen'etrably *adv.* (אים-פענ'-אי-טרע-בלי) אויף אן אונדורכדרינגליכען אופן; אונערפארשליך; אונפערשטענדליך; אונעמפפינדליך.

impen'itence *n.* (אים-פענ'-אי-טענס) הארטקייט, הארטהערציגקייט; דאס ניט זיין בערייט תשובה צו טהאן.

impen'itency *n.* (אים-פענ'-אי-טען-סי) ז. *impenitence*

impen'itent *a.* and *n.* (אים-פענ'-אי-טענט) הארט, הארטהערציג; ניט בערייט אדער אונוויליג צו טהאן תשובה; איינער וואס וויל קיין תשובה ניט טהאן אויף זיינע זינד.

impen'itently *adv.* (אים-פענ'-אי-טענט-לי) ניט וועלענדיג תשובה טהאן אויף די זינד.

impen'nate *a.* and *n.* (אים-פענ'-אייט) מיט קורצע שופען־ארטיגע פליגלען; אהן פעדערען אדער אהן פליגלען; א שווים־פויגעל מיט קורצע שופען־ארטיגע פליגלען [ווי דער פינגווין].

im'perate *a.* (אים'-פע-רייט) מיט אן אינערען אנטריב; מיט דעם בעפעהל פון ווילען.

imper'ative *a.* and *n.* (אים-פער'-ע-טיוו) בעפעהלענד; געביטעריש; בינדענד, וואס איז א מוז; אין גראמאטיק — דער אימפעראטיוו אדער די בעפעהלס־פארם [די פארם פון ווערטער וואס דריקען אוים א בעפעהל, ווי למשל: שרייב, טרינק, געה א. ד. ג.]; אין פילאזאפיע — אן אינערליכער בעפעהל, א געוויסענס־בעפעהל.

imper'atively *adv.* (אים-פער'-ע-טיוו-לי) אויף א בעפעהלענדען שטייגער; אויף דעם אופן פון אן אימפעראטיוו.

imper'ative mode (אים-פער'-ע-טיוו ז. *imperative*

מאָוד) אין גראַמאַטיק — דער אימפּעראַטיוו אָדער די בעפעהלס־פאָרם. ז. *imperative*.

imper'ativeness *n.* (אימ-פּער'-ע-טיוו-נעס) דאָס זיין אַ מוז; דאָס זיין נעביטעריש.

im'perator *n.* (אימ'-פּי-ריי-טאָר) אַן אימפּעראַטאָר, אַ קייזער; אַ קאָמאַנדיר, אַ הערשער, אַ בעפעהלס־האָבער.

imperato'rial *a.* (אימ-פּער-ע-טאָ'-רי-על) וואָס איז שייך צו אַן אימפּעראַטאָר; בעפעהלעריש, געביטעריש.

imper'atory *a.* (אימ-פּער'-ע-טאָ-רי) ז. *imperatorial*.

impercei'vable *a.* (אימ-פּויר-סיע'-וועבל) ז. *imperceptible*.

impercei'vableness *n.* (אימ-פּויר-סיע'-וועבל-נעס) ז. *imperceptibility*.

imperceptibil'ity *n.* (אימ-פּויר-סעפּ-טי-ביל'-אי-טי) אונמערקליכקייט, אונמערקבאַרקייט.

impercep'tible *a. and n.* (אימ-פּויר-סעפּ'-טיבל) אונמערקליך, אונמערקבאַר; עטוואָס וואָס מען קען ניט בעמערקען מיט'ן נאַקעטען אויג; עטוואָס וואָס מען קען ניט פיהלען מיט די פינף חושים.

impercep'tibleness *n.* (אימ-פּויר-סעפּ'-טיבל-נעס) ז. *imperceptibility*.

impercep'tibly *adv.* (אימ-פּויר-סעפּ'-טי-בלי) אויף אַן אונמערקבאַרען אופן.

impercep'tion *n.* (אימ-פּויר-סעפּ'-שאַן) אונפעהיגקייט צו בעגרייפען; דאָס ניט בעגרייפען.

impercep'tive *a.* (אימ-פּויר-סעפּ'-טיוו) ניט בעגרייפענדיג, אונפעהיג צו בעגרייפען.

impercip'ient *a.* (אימ-פּויר-סיפּ'-אי-ענט) אונפעהיג צו מערקען אָדער צו בעגרייפען.

imper'dible *a.* (אימ-פּויר'-דיבל) אונצושטערבאַר, אונפערניכטבאַר, וואָס קען ניט פערלאָרען געהן.

imper'fect *a. and n.* (אימ-פּויר'-פעקט) אונפאָלשטענדיג; אונפאָלקאָמען; אין גראַמאַטיק — וואָס בעצייכענט אַ טהעטיגקייט אָדער צושטאַנד וואָס איז ניט פאָלשטענדיג, וואָס ווערט ניט געענדיגט אָדער וואָס קומט פאָר אין איין און דערזעלבער צייט מיט אַן אַנדער טהעטיגקייט אָדער צושטאַנד [וועגען דער פערגאַנגענער צייט פון צייטווערטער]; אַן אונפאָלשטענדיגע פאָרם פון דער פערגאַנגענער צייט פון צייטווערטער.

imper'fect flow'er (אימ-פּויר'-פעקט פלאָו'-ער) אַן אונפאָלקאָמענע בלום [ביי וועלכער עס פעהלען געוויסע טיילען, וועלכע זיינען געוועהנליך פאַראַן ביי בלומען, ווי דער מענליכער אָדער ווייבליכער אָרגאַן].

imperfectibil'ity *n.* (אימ-פּויר-פעק-טי-ביל'-אי-טי) אונפעהיגקייט געמאַכט צו ווערען פאָלקאָם.

imperfec'tible *a.* (אימ-פּויר-פעק'-טיבל) וואָס קען ניט געמאַכט ווערען פאָלקאָם.

imperfec'tion *n.* (אימ-פּויר-פעק'-שאַן) אונפאָלקאָמענהייט, אונפאָלשטענדיגקייט; אַ פעהלער; אַ מום.

imper'fectly *adv.* (אימ-פּויר'-פעקט-לי) אויף אַן אונפאָלקאָמענעם אָדער אונפאָלשטענדיגען אופן.

imper'fectness *n.* (אימ-פּויר'-פעקט-נעס) אונפאָלקאָמענהייט, אונפאָלשטענדיגקייט.

imper'fect num'ber (אימ-פּויר'-פעקט נאָמ'-בער) אַ צאָהל, ביי וועלכער אַלע צאָהלען, אויף וועלכע זי טיילט זיך אָהן אַ רעשט, שטעלען צוזאַמען אַ סומע, וואָס איז גרעסער אָדער קלענער פון דער צאָהל גופא [למשל, 8 טיילט זיך אויף 1, 2 און 4, די סומע פון וועלכע איז קלענער פון דער צאָהל 8].

imper'forable *a.* (אימ-פּויר'-פאָ-רעבל) וואָס קען ניט דורכגעבויערט אָדער דורכגעלעכערט ווערען.

imper'forate *a.* (אימ-פּויר'-פאָ-רייט) פערמאַכט, אָהן אַן עפנונג, אָהן פאָרען.

imperfora'tion *n.* (אימ-פּויר-פאָ-ריי'-שאַן) דאָס זיין פערמאַכט, דאָס ניט האָבען קיין עפנונגען אָדער פאָרען.

impe'rial *a. and n.* (אימ-פּי'-רי-על) קייזערליך, וואָס איז שייך צו אַן אימפּעריע אָדער צו אַן אימפּעראַטאָר; אַן אימפּעריאַל [אַן אַמאָליגע רוסישע גאָלדענע מטבע פון 10 רובעל]; דער פערדעק פון אַ וואָגען אָדער דיליזשאַנס; רייזע־קאַסטען [וועלכע מען פיהרט אויף'ן פערדעק פון אַ דיליזשאַנס]; אַ שפּיציג בערדעל [נאָך דעם נאָמען פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען]; אַזאַ שרייב־פּאַפּיער 30x22 צאָל אָדער דרוק־פּאַפּיער 32x22; אַזאַ געטראַנק.

Impe'rial Cham'ber (אימ-פּי'-רי-על טשיימ'-בער) דאָס העכסטע געריכט אין אַלט־דייטשלאַנד [איינגעפיהרט פון מאַקסימיליאַן דעם ערשטען אין יאָהר 1495].

impe'rial cit'y (אימ-פּי'-רי-על סיט'-אי) אַ רייכס־שטאָדט [איינע פון די 51 שטעדט אין דער אַלטער דייטשער מלוכה, וועלכע זיינען געווען אונאָבהענגיג און האָבען געהאַט אין רייכסטאַג אַן אָרט און אַ שטימע. איצטער האָבען נור דריי שטעדט — האַמבורג, ברעמען און ליבעק — דיזעזעלבסטשטענדיגקייט].

Impe'rial Cit'y (אימ-פּי'-רי-על סיט'-אי) די שטאָדט רוים [אַלס די הויפּט־שטאָדט פון דער אַמאָליגער רוימישער מלוכה].

impe'rial crown (אימ-פּי'-רי-על קראַון) אַ קייזערליכע קרוין; די ענגלישע קראָנע [אַ זילבערנע מטבע פון 5 שילינג].

impe'rial di'et (אימ-פּי'-רי-על דאַי'-עט) דער אַלט־דייטשער רייכסטאַג [פּאַרלאַמענט].

impe'rialism *n.* (אימ-פּי'-רי-על-איזם) די הערשאַפט פון אַ קיסר; די רעגיערונגס־פאָרמען פון אַ קייזערטום אָדער אימפּעריע; די אַנהענגערשאַפט פון אַ קייזערטום; אימפּעריאַליזם [אין ענגלאַנד — די פערשפּרייטונג פון דער ענגלישער מאַכט אָדער איינפלוס אויף נייע קאָלאָניעס און האַנדעלס־פּונקטען אָדער די נעהנטערע פערבינדונג צווישען די פערשידענע טיילען פון ענגלאַנד וואָס האָבען זעלבסטשטענדיגע רעגיערונגען, ווי למשל, קאַנאַדא און אויסטראַליע, פאַר אַלגעמיינע צוועקען, ווי האַנדעל, מלוכה־שוץ א. ד. ג.; אין די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא — דאָס צוקריעגען נייע טעריטאָריעס, וועלכע מען גיט ניט דיזעלבע רעכטע וואָס עס האָבען די בעזונדערע שטאַאַטען און וואו די איינוואָהנער זיינען גיכער אונטערטהאַנען ווי בירגער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען].

impe'rialist *n.* (אימ-פּי'-רי-על-איסט) אַן אונטערטהאַן אָדער נאָכפאָלגער פון אַ קייזער; אַן אַנהענגער פון אַ קייזערטום אָדער אימפּעריע; אַן אימפּעריאַליסט. ז. *imperialism*.

imperial'ity *n.* (אימ-פּי-רי-על'-אי-טי) קייזערליכע הערשאַפט; קייזערליכע רעכטע אָדער פּריווילעגיען.

imperializa'tion *n.* (אימ-פּי-רי-על-אי-זיי'-שאַן) דאָס בילדען אַן אימפּעריע אָדער קייזערטום.

impe'rially *adv.* (אימ-פּי'-רי-על-אי) אויף אַ קייזערליכען שטייגער.

Impe'rial Par'liament (אימ-פּי'-רי-על פּאַר'-לי-מענט) דער מלוכה־פּאַרלאַמענט פון ענגלאַנד, וואָס האָט זיך פון יאָהר 1801 צוזאַמענגעגאָסען מיט דעם אירלענדישען.

imper'il *v.* (אימ-פּער'-איל) ברייננען אין געפאַהר.

impe'rious *a.* (אימ-פּי'-רי-אַס) בעפעהלעריש, הערשעריש; חוצפּה'דיג, העזה'דיג; דריקענד, צווינגענד, דרינגענד.

impe'riously *adv.* (אימ-פּי'-רי-אַס-לי) אויף אַ בעפעהלענדען, הערשערישען אָדער העזה'דיגען אופן; אויף אַ דרינגענדען אָדער צווינגענדען שטייגער.

impe'riousness *n.* (אימ-פּי'-רי-אַס-נעס) בעפעהלערישע אָדער הערשערישע האַלטונג אָדער האַנדלונג; העזה; דרינגליכקייט.

imperishabil'ity *n.* (אימ-פּער-אי-שע-ביל'-אי-טי) אונפערניכטבאַרקייט, אונפערדערבליכקייט, אונצושטערבאַרקייט.

imper'ishable *a.* (אימ-פּער'-אי-שעבל) אונפערדערבליך, אונצושטערבאַר.

imper'ishableness *n.* (אימ-פּער'-אי-שעבל-נעס) ז. *imperishability*.

imper'ishably *adv.* (אימ-פּער'-אי-שע-בלי) אויף אַן אונצושטערבאַרען אָדער אונפערדערבליכען אופן.

impe'rium in impe'rio (אימ-פּי'-רי-אַם אין אימ-פּי'-רי-אָו) אַ מלוכה אין אַ מלוכה [ווען אַ געוויסער טייל פון דער בעפעלקערונג אין אַ מלוכה פערוואַלטעט זיך מיט איהרע אייגענע געזעצען און מנהגים].

imper'manence *n.* (אימ-פּויר'-מע-נענס) אונבעשטענדיגקייט, פערגענגליכקייט.

imper'manency *n.* (אימ-פּויר'-מע-נען-סי) ז. *impermanence*.

imper'manent *a.* (אימ-פּויר'-מע-נענט) אונבעשטענדיג, פערגענגליך.

impermeabil'ity *n.* (אימ-פּויר-מי-ע-ביל'-אי-טי) אונדורכדרינגליכקייט, דאָס ניט דורכלאָזען קיין פליסיגקייט.

imper'meable *a.* (אימ-פּויר'-מי-עבל) אונדורכדרינגליך, וואָס לאָזט ניט דורך קיין פליסיגקייט.

imper'meableness *n.* (אימ-פּויר'-מי-עבל-נעס) אונדורכדרינגליכקייט, דאָס ניט דורכלאָזען קיין פליסיגקייט.

imper'meable soil (אימ-פּויר'-מי-עבל סאָיל) אַ ליימיגער באָדען, וואָס לאָזט ניט דורך קיין וואַסער.

imper'meably *adv.* (אימ-פּויר'-מי-ע-בלי) אונדורכדרינגליך, אויף אַן אופן וואָס לאָזט ניט דורך קיין פליסיגקייט.

imper'meator *n.* (אימ-פּויר'-מי-איי-טאָר) אַ מעכאַנישע פּאַררייכטונג צו שמירען מיט אויל דעם צילינדער פון אַ דאַמפף־מאַשין.

impermis'sible *a.* (אימ-פּויר-מיס'-איבל) ניט ערלויבט.

imperscru'table *a.* (אימ-פּויר-סקרו'-טעבל) וואָס לאָזט זיך ניט אויספאָרשען.

imperscru'tableness *n.* (אימ-פּויר-סקרו'-טעבל-נעס) אונערפאָרשבאַרקייט.

impersever'ant *a.* (אימ-פּויר-סע-

ווער'-ענט) וואס האלט ניט אן; וואס דויערט ניט.

imper'sonal *a. and n.* (אימ-פויר'-סאָן-על) 1. אונפערזענליך, וואס ערשיינט ניט אין א פערזענליכער אדער אינדיווידועלער פארם; וואס בעלאנגט ניט צו קיין פערזאָן; 2. אהן א פערזענליכער אינטערעסע, אינפּארטייאיש, אביעקטיוו; 3. אן אונפערזענליך צייטוואָרט. ז. ***impersonal verb***.
2. My attitude on political questions is impersonal.

impersonal'ity *n.* (אימ-פויר-סאָ-נעל'-אי-טי) אונפערזענליכקייט.

imper'sonally *adv.* (אימ-פויר'-סאָנ-על-אי) אונפערזענליך; אהן שום פערזענליכע צוועקען; אונפּארטייאיש, אביעקטיוו.

imper'sonal verb' (אימ-פויר'-סאָנ-על ווארב) אן אונפערזענליך צייטוואָרט [א ווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט, וועלכע ווערט ניט געטהאן פון א בעשטימטער פערזאָן, ווי למשל: עס רעגענט, עס שנייעט א. ד. ג.].

imper'sonate *v. and a.* (אימ-פויר'-סאָנ-אייט) פערזאָניפיצירען, פערפערזענליכען [ניט-לעבעדיגע זאכען אדער טהיערע פארשטעלען אלס פערזאָנען]; וואס איז פערזאָניפיצירט אדער פארגעשטעלט אלס פערזאָן; פארשטעלענד דעם כאראקטער פון א געוויסער פערזאָן.

impersona'tion *n.* (אימ-פויר-סאָנ-איי'-שאָן) דאס פערפערזענליכען [דאס פארשטעלען געדאנקען, זאכען אדער טהיערע אלס פערזאָנען]; אין טעאטער-שפּיעל — דאס שפּיעלען די ראָלע פון א געוויסען כאראקטער אדער נאכמאכען א בעוואוסטען ארטיסט אדער אקטיאָר.

imper'sonator *n.* (אימ-פויר'-סאָ-ניי-טאָר) א פערזאָניפיצירער; א פארשטעלער. ז. ***impersonate***.

imper'tinence *n.* (אימ-פויר'-טי-נענס) 1. אונגעהעריגקייט, דאס וואס איז ניט שייך צום ענין; 2. אימפּערטינענץ, גראבקייט, אונהעפליכקייט, אונפּאסיגקייט, חוצפה, דאס וואס איז ניט קיין דרך-ארץ; 3. אין געריכטס-פּראָצעסען — א זאך אדער ערקלערונג, וואס האט ניט קיין בעדייטונג פאר'ן פּראָצעס און פערציהט איהם לענגער.
2. It is an impertinence to ask one about his religious convictions.

imper'tinency *n.* (אימ-פויר'-טי-נענ-סי) ז. ***impertinence***.

imper'tinent *a. and n.* (אימ-פויר'-טי-נענט) אונגעהעריג; גראב, העזה'דיג; ניט אם פּלאץ; א גראָבער מענש, א בעל-העזה; איינער וואס מישט זיך אין פרעמדע געשעפטען.

imper'tinently *adv.* (אימ-פויר'-טי-נענט-לי) גראב, העזה'דיג; ניט אם פּלאץ.

imperturbabil'ity *n.* (אימ-פויר-טויר-בע-ביל'-אי-טי) אונערשיטערליכקייט, אונאבגעשראקענהייט, רוהיגקייט, געלאסענקייט, זעלבסטבעהערשונג.

impertur'bable *a.* (אימ-פויר-טויר'-בעבל) אונערשיטערליך; וואס קען ניט אויפגערעגט אדער בעאונרוהיגט ווערען; רוהיג, געלאסען.

impertur'bably *adv.* (אימ-פויר-טויר'-בע-בלי) אויף א רוהיגען, געלאסענעם שטייגער; מיט זעלבסטבעהערשונג; אהן אויפרעגונג.

imper'vious *a.* (אימ-פויר'-ווי-אָס) ניט דורכגענגליך; אונדורכדרינגליך; אונצוגענגליך; וואס מען קען ניט דורכגעהן אדער דורכדרינגען.

imper'viously *adv.* (אימ-פויר'-ווי-אָס-לי) אויף אן אונדורכגענגליכער אדער אונדורכדרינגליכער שטייגער.

imper'viousness *n.* (אימ-פויר'-ווי-אָס-נעס) אונדורכגענגליכקייט; אונדורכדרינגליכקייט; וואס האט ניט קיין צוגאנגס-וועג; וואס קען ניט דורכגענעצט ווערען.

impetig'inous *a.* (אימ-פע טידזש'-אי-נאָס) קרעציג, מיט לישאיעס.

impeti'go *n.* (אימ-פע-טאי'-גאָו) קרעץ, הויט-אויסשלאג, לישאיעס.

impetuos'ity *n.* (אימ-פעטש-יו-אָס'-אי-טי) א פּלוצליכער אויסברוך פון ענערגיע, האסטיגקייט, פייעריגקייט, העפטיגקייט, וואוטה.

impet'uous *a.* (אימ-פעטש'-יו-אָס) ראש, פייעריג, האסטיג; וויטהענד, העפטיג; רייסענד.

impet'uously *adv.* (אימ-פעטש'-יו-אָס-לי) מיט ראש, האסט אדער העפטיגקייט.

impet'uousness *n.* (אימ-פעטש'-יו-אָס-נעס) ז. ***impetuosity***.

im'petus *n.* (אימ'-פי-טאָס) אימפּעט, די קראפט אדער ענערגיע פון בעוועגונג; אן אנטריב; דער שטויס, דער דראנג, דאס בעשטרעבען.

im'phee *n.* (אימ'-פי) אפריקאנישע צוקער-ראהר.

impi'ety *n.* (אימ-פאי'-ע-טי) ניט-פרומקייט, גאטלאזיגקייט; א האנדלונג וואס איז געגען גאט'ס געבאט, אן אנטי-רעליגיעזע האנדלונג; דאס ניט האבען קיין רעספּעקט פאר גאט אדער פאר די עלטערען.

impignora'tion *n.* (אימ-פיג-נא-ריי'-שאָן) דאס פער'משכונ'ען א זאך.

im'ping *n.* (אימ'-פינג) דאס אריינשטעלען א צווייג פון איין בוים אין אן אנדער בוים; א צווייג וואס ווערט אריינגעזעצט אין א בוים.

impinge' *v.* (אימ-פינדזש') זיך אנשטויסען, קומען אין א צוזאמענשטויס, זיך אבקלאפּען.

impinge'ment *n.* (אימ-פינדזש'-מענט) דאס אנשטויסען זיך, דאס צוזאמענשטויסען זיך.

impin'gent *a.* (אימ-פינ'-דזשענט) זיך אנשטויסענד; וואס שטויסט זיך אב אן עפּעס.

im'pious *a.* (אימ'-פי-אָס) ניט פרום, ניט גאטספארכטיג; אונרעליגיעז, זינדיג.

im'piously *adv.* (אימ'-פי-אָס-לי) אויף א זינדיגען, אנטי-רעליגיעזען שטייגער; אהן יראת-הכבוד.

im'piousness *n.* (אימ'-פי-אָס-נעס) ניט-פרומקייט; זינדיגקייט; דאס זיין אהן יראת-הכבוד.

im'pish *a.* (אימ'-פיש) ווי א קליינער שד; טייוועלש.

im'pishly *adv.* (אימ'-פיש-לי) מעשה טייוועל; אויף א טייוועלשען שטייגער.

implacabil'ity *n.* (אימ-פליי-קע-ביל'-אי-טי) די אונווילליגקייט צו פערגעבען; דאס ניט מוחל זיין, דאס זיין אויפגעבראכט.

impla'cable *a.* (אימ-פליי'-קעבל) אונווילליג אדער ניט געניינט צו פערגעבען, וואס לאזט זיך ניט איבערבעטען; וואס וויל ניט מוחל זיין.

impla'cableness *n.* (אימ-פליי'-קעבל-נעס) ז. ***implacability***.

impla'cably *adv.* (אימ-פליי'-קע-בלי) ניט זייענדיג געניינט אדער ניט וועלענדיג מוחל זיין.

implacen'tal *a. and n.* (אימ-פלע-סענ'-טעל) וואס האט ניט קיין פּלאצענטא [דאס ארט אדער דאס הייטעל, וואס געהט ארויס צוזאמען מיט'ן קינד פון מוטער'ס לייב]; א זויג-טהיער וואס האט ניט קיין פּלאצענטא.

Implacenta'lia *n.* (אימ-פלע-סענ-טיי'-לי א) די מינים זויג-טהיערע, וועלכע האבען ניט קיין פּלאצענטא, ווי די קענגורו א. ד. ג. ז. ***implacental***.

implacen'tate *a.* (אימ-פלע-סענ'-טייט) וואס האט ניט קיין פּלאצענטא. ז. ***implacental***.

implant' *v.* (אימ-פלענט') איינפלאנצען, איינוואָרצלען; אריינשלאגען אין זכרון.

implanta'tion *n.* (אימ-פלענ-טיי'-שאָן) די איינפלאנצונג, דאס איינוואָרצלען; דאס אריינשלאגען אין זכרון.

implausibil'ity *n.* (אימ-פלאָה-זי-ביל'-אי-טי) אונוואהרשיינליכקייט, דאס זיין אונוואהרשיינליך, דאס ניט לעגען זיך אויף'ן שכל.

implau'sible *a.* (אימ-פלאָה'-זיבל) אונוואהרשיינליך, אונגלויבליך.

implau'sibleness *n.* (אימ-פלאָה'-זיבל-נעס) ז. ***implausibility***.

implau'sibly *adv.* (אימ-פלאָה'-זי-בלי) אויף אן אונוואהרשיינליכען אדער אונגלויבליכען שטייגער.

implead' *v.* (אימ-פליעד') לאדען פאר א געריכט, אנקלאגען.

implea'der *n.* (אימ-פליע'-דער) איינער וואס פאדערט אויף דעם אנדערען צום געריכט, אן אנקלאגער, א בעשולדיגער.

im'plement *n. and v.* (אימ'-פלי-מענט) דאס, מיט וואס מען בעפריעדיגט א געוויסע בעדירפניס אדער פערלאנג; אן ארבייטס-אינסטרומענט; א געצייג; א ווערקצייג; בעפריעדיגען די נויטיגע פאָדערונגען פון עפּעס; בעזארגען מיט די נויטיגע ארבייטס-אינסטרומענטען.

im'plements *n.* (אימ'-פלי-מענטס) געשיר, כלים; געצייג; אינסטרומענטען.

imple'tion *n.* (אימ-פלי'-שאָן) דאס אנפילען; דאס זיין פול; דאס וואס פילט אן.

im'plex *a.* (אימ'-פלעקס) פערוויקעלט, קאמפּליצירט.

implex'ion *n.* (אימ-פלעק'-שאָן) די פערפלעכטונג, פערוויקלונג; קאמפּליצירטקייט.

im'plicate *v. and n.* (אימ'-פלי-קייט) איינוויקלען, איינשליסען, אומפאסען אין זיך; אריינגעהמען; דאס וואס איז איינגעשלאָסען אדער איינגעוויקעלט.

implica'tion *n.* (אימ-פלי-קיי'-שאָן) דאס איינוויקלען; די פערוויקלונג, די פערפלעכטונג, דאס איינפלאנטערען אין א זאך; דאס נעהמען אנטייל אין עפּעס; א שלוס-פאלגערונג; דאס וואס פערשטעהט זיך, אבער ווערט ניט ארויסגערעדט.

im'plicative *a.* (אימ'-פלי-קע-טיוו) וואס פערמישט אדער פערוויקעלט; וואס דייטעט אן אדער גיט אנצוהערעניש.

im'plicatively *adv.* (אימ'-פלי-קע-טיוו-לי) פערמישענדיג אדער פערוויקלענדיג; אנדייטענדיג.

implic'it *a.* (אימ-פליס'-איט) וואס פערשטעהט זיך אליין, כאטש עס ווערט ניט אויסגעדריקט מיט ווערטער; וואס נעהמט זיך פון פאלשטענדיגען צוטרויען אדער געהארכזאמקייט; אונבעדינגט, בלינד.

implic'it belief' (אימ-פליס'-איט בי-ליעף') בלינדער גלויבען.

implic'it com'pact (אים-פליס'-איט קאמ' פעקט) א שטיל־שווייגנדער אבמאך.

implic'itness *n.* (אים-פליס'-איט-נעס) דער בלינדער גלויבען; בלינדע געהארכזאמקייט.

implied' *a.* (אים-פלאיד') וואס פערשטעהט זיך אליין, כאטש ניט אויסגערעדט בפירוש.

implied' con'tract (אים-פלאיד' קאנ'-טרעקט) א ניט־בפירוש'ע פערפליכטונג, א פערפליכטונג וואס ווערט אויסגעטייטשט נאך די אנדערע בעדינגונגען, א פערפליכטונג וואס שטיצט זיך אויף יושר.

implied'ly *adv.* (אים-פלאיד'-לי) דורך אן אנצוהערעניש.

implied' prom'ise (אים-פלאיד' פראמ'-איס) א ניט־בפירוש'ער פערשפרעכען, א פערשפרעכען אדער פערפליכטונג וואס ווערט ארויסגעדרונגען פון די אומשטענדען.

implode' *v.* (אים-פלאוד') אימפלאזירען, פלעצליך צונויפברעכען, אינערליך אויפרייסען [אין געגענזאץ צו עקספלאדירען]; אויסשפרעכען דורך אימפלאזיאן.

implora'tion *n.* (אים-פלא-ריי'-שאן) דאס בעטען זעהר שטארק; אן ערנסטע בקשה.

implore' *v.* (אים-פלאור') בעטען זעהר שטארק; בעטען זיך.

implor'er *n.* (אים-פלאור'-ער) איינער וואס בעט זעהר שטארק.

implor'ingly *adv.* (אים-פלאור'-אינג-לי) בעטענדיג זעהר שטארק; דורך אן ערנסטער בקשה.

implo'sion *n.* (אים-פלאו'-זשאן) אימפלאזיאן, א פלעצליך צונויפברעכען, אן אינערליכע אויפרייסונג [אין געגענזאץ צו אן עקספלאזיאן וועלכע רייסט אויף פון אויסווענינג]; דער לופט־דרוק וואס ווערט געשאפען ווען די שטים־ארגאנען זיינען געשלאסען ביים אויסשפרעכען געוויסע בוכשטאבען, ווי "פ" אדער "ט" למשל.

implu'vium *n.* (אים-פלוה'-ווי-אם) א באסיין אין דעם מיטעלסטען וויכטיגסטען צימער פון אן אלט־רוימישען הויז אנצוזאמלען דאס רעגען־וואסער, וואס פלעגט אנרינען דורך אן אפענעם פיער־עקיגען לאך אין מיטען פון דער סטעליע.

imply' *v.* (אים-פלאי') אין זיך אליין שליעסען, אין זיך אליין בעדייטען; בעדייטען; אינדירעקט אנדייטען.

impol'icy *n.* (אים-פאל'-אי-סי) א האנדלונג וואס איז ניט פאליטיש, ניט צונעפאסט צו דער זאך, ניט קלוג.

impolite' *a.* (אים-פא-לאיט') אונהעפליך, ניט עדעל, גראב.

impolite'ly *adv.* (אים-פא-לאיט'-לי) אויף אן אונהעפליכער ארט; מיט גראבקייט.

impolite'ness *n.* (אים-פא-לאיט'-נעס) אונהעפליכקייט, אונעדעלקייט, גראבקייט.

impol'itic *a.* (אים-פאל'-אי-טיק) אונפאליטיש, ניט קלוג.

impol'iticly *adv.* (אים-פאל'-אי-טיק-לי) אויף אן אונפאליטישען אדער אונקלוגען שטייגער.

imponderabil'ity *n.* (אים-פאנ-דער-ע-ביל'-אי-טי) אונוועגבארקייט; דאס ניט האבען קיין וואג אדער שווערקייט.

impon'derable *a.* and *n.* (אים-פאנ'-דער-עבל) אונוועגבאר, וואס האט ניט קיין וואג אדער שווערקייט; אין פיזיק — א זאך וואס האט ניט קיין וואג [ווי מען פלעגט אמאל עס געברויכען ווענען היץ, ליכט, עלעקטריציטעט א. ד. ג., וועלכע מען האט אנגענומען פאר מאטעריע].

impon'derableness *n.* (אים-פאנ'-דער-עבל-נעס) ז. *imponderability*

imporos'ity *n.* (אים-פא-ראס'-אי-טי) פארענלאזיגקייט, דאס ניט האבען קיין פארען אדער קליינינקע מיקראסקאפישע לעכעלעך.

impo'rous *a.* (אים-פאו'-ראס) וואס האט ניט קיין פארען אדער קליינינקע מיקראסקאפישע לעכעלעך.

import' *v.* (אים-פאורט') אימפארטירען, אריינפיהרען אדער אריינבריינגען פון אויסלאנד; בעדייטען, אויסמאכען; האבען א בעדייטונג; זיין וויכטיג.

im'port *n.* (אימ'-פאורט) אימפארט, אריינגעפיהרטע סחורה; א זין, אן אינהאלט; בעדייטונג; וויכטיגקייט.

impor'table *a.* (אים-פאור'-טעבל) איינפיהרבאר, וואס קען אימפארטירט אדער אריינגעפיהרט ווערען.

impor'tance *n.* (אים-פאר'-טענס) וויכטיגקייט; בעדייטונג.

impor'tant *a.* (אים-פאר'-טענט) וויכטיג.

impor'tantly *adv.* (אים-פאר'-טענט-לי) מיט וויכטיגקייט; אויף א וויכטיגען אופן.

importa'tion *n.* (אים-פאר-טיי'-שאן) אימפארטירונג אדער אריינפיהרונג [פון סחורות פון אן אנדער לאנד]; איינער אדער עטוואס וואס ווערט אימפארטירט אדער אריינגעפיהרט פון אן אנדער פלאץ.

im'port du'ty (אימ'-פאורט דיו'-טי) שטייער אויף אריינגעפיהרטע אויסלענדישע סחורות.

impor'ter *n.* (אים-פאור'-טער) אן אימפארטער, איינער וואס פיהרט אריין סחורה פון אויסלאנד.

im'port house (אימ'-פאורט האוס) א פירמע, וואס פיהרט אריין אדער האנדעלט מיט אויסלענדישע סחורות.

im'port trade (אימ'-פאורט טרייד) דער האנדעל מיט אויסלענדישע סחורות.

impor'tunacy *n.* (אים-פאר'-טיו-ניו-סי) צודרינגליכקייט; בעלעסטיגונג; דאס ניט אבטרעטען אדער דאס דאקוטשען.

impor'tunate *a.* (אים-פאר'-טיו-נייט) צודרינגליך, וואס טרעט ניט אב, וואס דאקוטשעט, וואס בעלעסטיגט.

impor'tunately *adv.* (אים-פאר'-טיו-נייט-לי) אויף א צודרינגליכען אופן; בעלעסטיגענדיג, דאקוטשענדיג, ניט אבטרעטענדיג.

impor'tunateness *n.* (אים-פאר'-טיו-נייט-נעס) ז. *importunity*

impor'tunator *n.* (אים-פאר'-טיו-ניי-טאר) ז. *importuner*

importune' *v.* (אים-פאר-טיון') דאקוטשען, בעלעסטיגען; זיין צודרינגליך.
My friends **importuned** me to go to Europe and I reluctantly agreed.

importu'ner *n.* (אים-פאר-טיו'-נער) א צודרינגליכער, בעלעסטיגענדער צידער דאקוטשליווער מענש.

importu'nity *n.* (אים-פאר-טיו'-ני-טי) צודרינגליכקייט; דאס דאקוטשען; דאס בעלעסטיגען.

impo'sable *a.* (אים-פאו'-זעבל) ארויפלעגבאר; וואס קען ארויפגעלעגט ווערען; ארויפצווינגענד, ארויפדרינגענד.

impo'sableness *n.* (אים-פאו'-זעבל-נעס) ארויפלעגבארקייט; דאס קענען ארויפגעלעגט ווערען; דאס קענען ארויפגעצוואונגען אדער ארויפגעדרונגען ווערען.

impose' *v.* (אים-פאוז') ארויפלעגען; ארויפצווינגען; ארויפדרינגען; בעטריגען, אריינגארען; אויסשטעלען און איינשליסען שריפט־זאץ צום דרוקען.

impo'ser *n.* (אים-פאו'-זער) אן ארויפלעגער; אן ארויפצווינגער; א בעטריגער.

impo'sing *a.* (אים-פאו'-זינג) אימפאנירענד; איינפליסענדיג אכטונג אדער רעספעקט; גרויסארטיג, אימפאזאנט.

impo'singly *adv.* (אים-פאו'-זינג-לי) אויף אן אימפאנירענדען אופן; גרויסארטיג, אימפאזאנט.

impo'singness *n.* (אים-פאו'-זינג-נעס) דאס זיין אימפאנירענד; דאס איינפליסען רעספעקט אדער אכטונג.

impo'sing-stone *n.* (אים-פאו'-זינג-סטאון) אין דרוקעריי — דער ברעך־טיש [דער טיש אויף וועלכען עס ווערט צונויפגעשטעלט דער שריפט־זאץ אין דרוקפארמס].

impo'sing-ta'ble *n.* (אים-פאו'-זינג-טיי'בל) ז. *imposing-stone*

imposi'tion *n.* (אים-פא-זיש'-אן) אן אונגערעכטער פערלאנג; דאס ארויפלעגען; דאס ארויפצווינגען אדער ארויפלעגען שטייער, אבגאבען א. ד. ג.; ארויפגעלעגטע שטייער, אבגאבען א. ד. ג.; דאס צונויפשטעלען שריפט־זאץ אין דרוקפארמס; א שווינדעל, א בעטרוג; אן אויפגאבע וואס ווערט געגעבען א שילער אלס שטראף.

impossibil'ity *n.* (אים-פאס-אי-ביל'-אי-טי) אונמעגליכקייט.

impos'sible *a.* (אים-פאס'-איבל) אונמעגליך; אונדענקבאר, אונגלויבליך.

impos'sibly *adv.* (אים-פאס'-אי-בלי) אונמעגליך.

im'post *n.* (אימ'-פאוסט) שטייער, אבגאבע; גרענעץ־אבצאהל; דער פונקט פון א זייל אדער וואנד וואו עס פאנגט זיך אן דער געוועלב.

impos'ter *n.* (אים-פאס'-טער) ז. *impostor*

impos'tor *n.* (אים-פאס'-טאר) א בעטריגער, א שווינדלער.

impos'torship *n.* (אים-פאס'-טאר-שיפ) בעטריגעריי, שווינדלעריי.

impos'tress *n.* (אים-פאס'-טרעס) א שווינדלערין, א בעטריגערין.

impos'trix *n.* (אים-פאס'-טריקס) ז. *impostress*

impos'ture *n.* (אים-פאס'-טשור) שווינדלעריי, בעטריגעריי.

impos'turous *a.* (אים-פאס'-טשו-ראס) שווינדלעריש, בעטריגעריש.

impo'sure *n.* (אים-פאו'-זשור) דאס ארויפלעגען; דאס ארויפצווינגען.

impo'table *a.* (אים-פאו'-טעבל) אונטרינקבאר, וואס טויג ניט צום טרינקען.

im'potence *n.* (אימ'-פא-טענס) אימפאטענץ, שאפונגס־אונפעהיגקייט [פיזיש אדער גייסטיג]; שוואכקייט; מענער־שוואכקייט [געשלעכטליכע אונפעהיגקייט]; מאנגעל אין זעלבסטבעהערשונג.

im'potency *n.* (אימ'-פא-טענ-סי) ז. *impotence*

im'potent *a.* and *n.* (אימ'-פא-טענט) אימפאטענט, שאפונגס־אונפעהיג [פיזיש אדער גייסטיג]; שוואך; געשלעכטליך אונפעהיג [ווענען א מאנספערזאן]; וואס קען זיך ניט קאנטראלירען, וואס האט ניט די קראפט פון זעלבסטבעהערשונג; א שוואכער, א קרענקליכער; אן אימפאטענטער מאן [א געשלעכטליך אונפעהיגער].

im'potently *adv.* (אימ'-פא-טענט-לי) אויף אן אימפאטענטען אופן; אהן כח, אהן קראפט; אהן זעלבסט=בעהערשונג; ניט קענענדיג זיך קאנטראלירען.

impound' *v.* (אימ-פאונד') איינשליסען, איינשפארען; פערהאלטען א דאקומענט אלס א בעווייז אין א פראצעס; אנזאמלען וואסער אין א רעזערוואואר.

impoun'dage *n.* (אימ-פאונ'-דעדזש) דאס איינשליסען אדער איינשפארען [בהמות].

impoun'der *n.* (אימ-פאונ'-דער) איינער וואס שפארט איין אדער שליסט איין.

impov'erish *v.* (אימ-פאוו'-ער-איש) פערארימען, ארים מאכען; אויסמארענען; אויסצעהרען.

impov'erisher *n.* (אימ-פאוו'-ער-איש-ער) איינער וואס פערארימט; איינער וואס צעהרט אויס אדער פערמארעט.

impov'erishment *n.* (אימ-פאוו'-ער-איש מענט) פערארימונג; אויסצעהרונג, אויסמארענונג.

impracticabil'ity *n.* (אימ פרעק טי-קע-ביל'-אי-טי) אונפראקטישקייט, אונאויספיהרבארקייט, אונמעגליכקייט; אונגעזעליגקייט.

imprac'ticable *a. and n.* (אימ-פרעק'-טי-קעבל) אונפראקטיש, אונאויספיהרבאר, אונמעגליך; אונגעזעליג; א מענש, מיט וועלכען מען קען זיך ניט פערטראגען.

imprac'ticableness *n.* (אימ-פרעק'-טי-קעבל-נעס) ז. *impracticability*

imprac'ticably *adv.* (אימ-פרעק'-טי-קע-בלי) אויף אן אונפראקטישען, אונמעגליכען אדער אונאויספיהרבארען שטייגער.

im'precate *v.* (אימ'-פרי-קייט) פערפלוכען, פערשילטען.

impreca'tion *n.* (אימ-פרי-קיי'-שאן) די פערפלוכונג, די פערשילטונג; א קללה.

im'precatory *a.* (אימ'-פרי-קע-טא-רי) פלוכענד, שילטענד.

impregnabil'ity *n.* (אימ-פרעג-נע-ביל'-אי-טי) ז. *impregnableness*

impreg'nable *a.* (אימ-פרעג'-נעבל) וואס קען ניט בעצוואונגען ווערען, וואס קען ניט בעזיעגט ווערען; וואס קען בעפרוכטעט ווערען אדער אנגעזאפט ווערען.

impreg'nableness *n.* (אימ-פרעג'-נעבל-נעס) אונבעצווינגליכקייט, דאס ניט קענען בעזיעגט ווערען.

impreg'nably *adv.* (אימ-פרעג'-נע-בלי) אונבעצווינגליך; ניט לאזענדיג זיך גובר זיין; אונבעזיעגבאר.

impreg'nate *v. and a.* (אימ-פרעג'-נייט) בעפרוכטען [א נקבה], שוואנגער מאכען; אנזאפען; אנפילען; בעפרוכטעט [ווי א פרוי פון א מאן].

impregna'tion *n.* (אימ-פרעג-ניי'-שאן) די בעפרוכטונג, די שוואנגער=מאכונג; די זעטיגונג, די אנפילונג; דאס מיט וואס א זאך איז אנגעזאפט אדער אנגעפילט.

impreg'natory *a.* (אימ-פרעג'-נע-טא-רי) וואס בעפרוכטעט; וואס איז שייך צו בעפרוכטונג.

impresa'rio *n.* (אימ-פרע-סא'-רי-או) אן אימפרעסאריא [א דירעקטאר אדער פיהרער פון א קאמפאניע אפערא=זינגער].

imprescri'bable *a.* (אימ-פרי-סקראי'-בעבל) ז. *imprescriptible*

imprescriptibil'ity *n.* (אימ-פרי-סקריפ-טי-ביל'-אי-טי) אין יוריספרודענץ — די אונמעגליכקייט צו ווערען בטל אדער אונגילטיג [וועגען געוויסע רעכטע און פפליכטען, וועלכע מען קען ניט אבנעהמען פון דעם, צו וועמען זיי בעלאנגען].

imprescrip'tible *a.* (אימ-פרי-סקריפ'-טיבל) וואס קען ניט אונגילטיג ווערען, וואס קען ניט בטל ווערען נאך דער צייט.

imprescrip'tibly *adv.* (אימ-פרי-סקריפ'-טי-בלי) אויף אן אופן, וואס קען ניט אונגילטיג ווערען.

impress' *v.* (אימ-פרעס') איינדרוקען, אבדרוקען; איינדריקען, מאכען אן איינדרוק; צווינגען אריינצוגעהן אין עפענטליכער דיענסט [ווי מיליטער=דיענסט]; פערנעהמען מיט געוואלט לטובת דער געזעלשאפט [ווי מען פערנעהמט פון דער בעפעלקערונג פראוויאנט אין צייט פון א מלחמה].

im'press *n.* (אימ'-פרעס) אן אבדרוק, א צייכען; אן איינדרוק.

impressibil'ity *n.* (אימ-פרעס-אי-ביל'-אי-טי) ז. *impressibleness*

impress'ible *a.* (אימ-פרעס'-איבל) איינדריקבאר; איינדרוקספעהיג [אויף וועלכען עס מאכט אן איינדרוק].

impress'ibleness *n.* (אימ-פרעס'-איבל-נעס) איינדרוקספעהיג, די פעהיגקייט אויפצונעהמען איינדריקע.

impres'sion *n.* (אימ-פרעש'-אן) אן איינדרוק, אן איינפלוס, אן איינווירקונג, א ווירקונג; א בעגריף; אן אונבעשטימטע עראינערונג; דאס איינדרוקען, דאס אויפדרוקען; אן איינגעדרוקטער צייכען אדער בוכשטאב [ווי אויף א מטבע]; דער אבדרוק, דער אבצוג [אין דרוקעריי]; א געדרוקטער עקזעמפלאר; די גאנצע אויפלאגע פון אן אבגעדרוקטען בוך; אין מאלעריי — דער פארבען גרונט [די ערשטע פארב, וואס לעגט זיך אויף'ן לייוועגד און אויף וועלכען עס לעגען זיך דערנאך די אנדערע פארבען].

impressionabil'ity *n.* (אימ-פרעש-אנ-ע-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט אדער די איינגענשאפט אויפצונעהמען איינדריקע; א שטארקע עמפפינדליכקייט.

impres'sionable *a.* (אימ-פרעש'-אנ-עבל) איינדרוקספעהיג, וואס קען אויפנעהמען איינדריקע; עמפפינדליך.

impres'sional *a.* (אימ-פרעש'-אנ-על) וואס איז שייך צו אן איינדרוק; וואס איז שייך צו אן אבדרוק.

impres'sionalist *n.* (אימ-פרעש'-אנ-על-איסט) ז. *impressionist*

impres'sionism *n.* (אימ-פרעש'-אנ-איזם) אימפרעסיאניזם, די ריכטונג אין קונסט און ליטעראטור, וועלכע פאדערט, אז זאכען און געגענשטענדע זאלען פארגעשטעלט ווערען לויט דעם ערשטען און אונמיטעלבארען איינדרוק, וואס זיי מאכען אויף'ן קינסטלער, ניט אריינגעהענדיג אין פרטים און איינצעלהייטען.

impres'sionist *n.* (אימ-פרעש'-אנ-איסט) אין קונסט און ליטעראטור — אן אימפרעסיאניסט, א קינסטלער, וועלכער מאלט געגענשטענדע פון דער נאטור, לויט דעם ערשטען און אונמיטעלבארען איינדרוק, וואס זיי מאכען אויף איהם; א קינסטלער, וועלכער גיט אלגעמיינע שטריכען פון א זאך אדער אן אלגעמיינעם עפעקט, ניט אבשטעלענדיג זיך אויף איינצעלהייטען און בעארבייטונג פון אלע פרטים.

impressionis'tic *a.* (אימ-פרעש-אנ-איס'-טיק) אימפרעסיאניסטיש, וואס איז שייך צו אימפרעסיאניזם אדער צו די אימפרעסיאניסטען. ז. *impressionism*

impres'sionless *a.* (אימ-פרעש'-אנ-לעס) איינדרוקסלאז; וואס איז ניט פעהיג אויפצונעהמען איינדריקע; אונעמפפינדליך.

impress'ive *a.* (אימ-פרעס'-איוו) וואס מאכט אן איינדרוק; איינדרוקספול; וואס ווערט בעאיינפלוסט.

The parade was an **impressive** sight.

impress'ively *adv.* (אימ-פרעס'-איוו-לי) מאכענדיג אן איינדרוק, איינדרוקספאל.

impress'iveness *n.* (אימ-פרעס'-איוו-נעס) איינדריקליכקייט; דאס קענען מאכען אן איינדרוק.

impress'ment *n.* (אימ-פרעס'-מענט) די פאדערונג אדער צווינגונג צו דיענסט; דאס אוועקנעהמען מיט געוואלד פאר די בעדערפנישע פון דער רעגיערונג [ווי דאס נעהמען פראוויאנט פון דער בעפעלקערונג אין צייט פון מלחמה].

im'prest *n.* (אימ'-פרעסט) אן הלואה; האנד=געלד.

impreventabil'ity *n.* (אימ-פרי-וועג-טע-ביל'-אי-טי) אונפערמיידליכקייט.

impreven'table *a.* (אימ-פרי-ווענ'-טעבל) וואס איז ניט צו פערהינדערען; אונפערמיידליך.

imprima'tur *n.* (אימ-פרי-מיי'-טויר) א דרוק=ערלויבנים; די פארמולע "ערלויבט צו דרוקען" [אן אויפשריפט אויף א בוך, ספעציעל פון רעליגיעזען אינהאלט, וועלכע בעדייטעט אז ערלויבנים פון צענזאר עס צו דרוקען].

impri'mis *adv.* (אימ-פראי'-מים) ערשטענס, צוערשט, קודם=כל.

im'print *n.* (אימ'-פרינט) די אויפשריפט אויף דער טיטעל=זייט פון א בוך אדער א צייטונג וועלכע ענטהאלט דעם פערלעגער'ס נאמען, מיט דעם ארט און דער צייט פון דעם ארויסגעבען..

imprint' *v.* (אימ-פרינט') איינדרוקען, איינשטעמפלען; דרוקען; איינדריקען אין זכרון.

impris'on *v.* (אימ-פריז'ן) איינשפארען; אריינזעצען אין געפענגנים; פערהאפטען.

impris'oner *n.* (אימ-פריז'נ-ער) דער איינשפארער; דער וואס זעצט אריין אין געפענגנים.

impris'onment *n.* (אימ-פריז'נ-מענט) איינשפארונג, פערהאפטונג; דאס אריינזעצען אין געפענגנים.

improbabil'ity *n.* (אימ-פראב-ע-ביל'-אי-טי) אונוואהרשיינליכקייט, אונמעגליכקייט.

improb'able *a.* (אימ-פראב'-עבל) אונוואהרשיינליך.

The election of the candidate is **improbable.**

improb'ableness *n.* (אימ פראב'-עבל-נעס) ז. *improbability*

improba'tion *n.* (אימ-פרא-ביי'-שאן) א בעווייז פון אונוואהרהייט און פעלשונג; די אנקלאגע וואס ווערט אריינגעטראגען אויף דעם גרונד פון פאקטען, וועלכע דערווייזען געוויסע פעלשונגען.

improb'ity *n.* (אימ-פראב'-אי-טי) אונעהרליכקייט, שלעכטיגקייט, רשעות.

improfi'cience *n.* (אימ-פרא-פיש'-ענס) ז. *improficiency*

improfi'ciency *n.* (אימ-פרא-פיש'-ענ-סי) אונפאלקאמענהייט, אונפערענדיגטקייט, הינטערשטעליגקייט.

impromp'tu *a. adv. and n.* (אימ-פראמפ'-טיו) עקספראמפט, גלייך אויף'ן ארט, פון דער האנד, אונצוגעגרייטערהייד; אן עקספראמפט, א זאך, וואס איז ארויס=

געזאגט, אנגעשריבען אדער געשפיעלט אהן וועלכען ניט איז צוגרייטען זיך דערצו.

improp'er *a.* (אים-פראפ'-ער) אונטויגליך, אונשיקליך, אונפאסענד; אונריכטיג.

improp'erly *adv.* (אים-פראפ'-ער-לי) אויף א ניט ריכטיגער אדער אונטויגליכער ארט.

impro'priate *v. and a.* (אים-פראו'-פרי-אייט) צואייגנען, צונעהמען פאר זיך; איבערגעבען קירכען-גיטער צו א ניט-גייסטליכען; איבערגעבען צו א וועלטליכען [קירכען-גיטער].

impropria'tion *n.* (אים-פראו-פרי-איי'-שאן) דאס איבערטראגען קירכליכע גיטער צו א וועלטליכער [ניט גייסטליכער] פערזאן; צואייגנונג; דאס צונעהמען עפעס פאר זיך.

impro'priator *n.* (אים-פראו'-פרי-איי-טאר) א וועלטליכע [ניט גייסטליכע] פערזאן וואס האלט אין בעזיץ קירכען-גיטער; איינער וואס נעהמט עפעס צו פאר זיך.

impropri'ety *n.* (אים-פרא-פראי'-עֶ-טי) אונפאסיגקייט, ניט ריכטיגקייט, אן אונפאסיגער אדער ניט ריכטיגער אויסדרוק; אן אונפאסיגע טהאט.

improsper'ity *n.* (אים-פראס-פער'-אי-טי) דאס ניט האבען קיין ערפאלג.

impros'perous *a.* (אים-פראס'-פער-אס) ניט גליקליך, אהן ערפאלג, אהן מזל-ברכה.

improvabil'ity *n.* (אים-פרוה-ווע-ביל'-אי-טי) פערבעסערליכקייט, די פעהיגקייט אדער מעגליכקייט פערבעסערט צו ווערען; די מעגליכקייט צו ציהען נוצען פון עפעס.

impro'vable *a.* (אים-פרוה'-וועבל) פערבעסערליך, וואס קען פערבעסערט ווערען; נוצבאר.

impro'vable lands (אים-פרוה'-וועבל לענדז) לאנד וואס מען קען בעארבייטען אדער קולטיווירען.

impro'vableness *n.* (אים-פרוה'-וועבל-נעס) ז. *improvability*

impro'vably *adv.* (אים-פרוה'-ווע-בלי) מיט דער פעהיגקייט אויסגעבעסערט צו ווערען.

improve' *v.* (אים-פרוהוו') 1. פערבעסערען; פערפאלקאמען; 2. אויסנוצען, נוצבאר מאכען; 3. ווערען בעסער; זיך פערבעסערען; 4. מאכען פארטשריט.
3. His health is **improving.** 4. You should **improve** in your studies.

improve'ment *n.* (אים-פרוהוו'-מענט) פערבעסערונג, פערפאלקאמונג; אויסנוצונג; בענוצונג; פארטשריט.

improve' on (אים-פרוהוו' אן) ז. *improve upon*

impro'ver *n.* (אים-פרוה'-ווער) א פערבעסערער, א פערבעסערונגס-מיטעל; איינער וואס ארבייט ביי עפעס בלויז מיט דעם צוועק צו קריגען ערפאהרונג אדער אום זיך צו פערפאלקאמענען; א קישעלע וואס פרויען געברויכען אום זייער פיגור זאל אויסזעהן פולער און שעהנער.

improve' the mo'ment (אים-פרוהוו' טהי מאו'-מענט) אויסנוצען די געלעגענהייט.

improve' the occa'sion (אים-פרוהוו' טהי א-קיי'-זשאן) אויסנוצען די געלעגענהייט.

improve' upon' (אים-פרוהוו' א-פאן') פערבעסערען, פערפאלקאמען; צוגעבען;

טהון מעהר [וויפיעל עס איז ערווארטעט].

improv'idence *n.* (אים-פראוו'-אי-דענס) אונפארזיכטיגקייט, אונאויסגערעכענטקייט, נאכלעסיגקייט, פערשווענדערישקייט.

improv'ident *a.* (אים-פראוו'-אי-דענט) אונפארזיכטיג, ניט אויסגערעכענט, נאכלעסיג; פערשווענדעריש.

improv'idently *adv.* (אים-פראוו'-אי-דענט-לי) אהן פאראויסזיכט, אונפארזיכטיג, ניט אויסגערעכענט, נאכלעסיג; פערשווענדעריש.

impro'ving *n. and a.* (אים-פרוה'-ווינג) דאס פערבעסערען, דאס פערפאלקאמען, דאס בענוצען זיך מיט עפעס; אויסבעסערענד; וואס קען אויסגענוצט ווערען.

impro'vingly *adv.* (אים-פרוה'-ווינג-לי) פערבעסערענד, אויסנוצענד, צוגעבענד.

improv'isate *v. and a.* (אים-פראוו'-אי-סייט) אימפראוויזירען; אימפראוויזירט. ז. *improvise*

improvisa'tion *n.* (אים-פראוו-אי-סיי'-שאן) אימפראוויזאציאן, דאס פערפאסען מוזיק אדער פאעזיע אהן פארבערייטונגען.

improvis'atize *v.* (אים-פרא-וויז'-ע-טאיז) אימפראוויזירען. ז. *improvise*

improv'isator *n.* (אים-פראוו'-אי-סיי-טאר) אן אימפראוויזאטאר [איינער וואס פערפאסט פאעזיע אדער מוזיק ניט פארבערייטעטערהייד].

improv'isatore *n.* (אים-פראוו'-אי-סיי-טאר) ז. *improvisator*

improvisato'rial *a.* (אים-פרא-וויז-ע-טאו'-רי-על) אימפראוויזאטאריש, פערפאסענדיג אונפארבערייטעטערהייד פאעזיע אדער מוזיק.

improvis'atory *a.* (אים-פרא-וויז'-ע-טא-רי) ז. *improvisatorial*

improvise' *v.* (אים-פרא-וואיז') אימפראוויזירען, פערפאסען פאעזיע און מוזיק אונפארבערייטעטערהייד; טהון עפעס ניט פארבערייטעטערהייד.

improvi'ser *n.* (אים-פרא-וואי'-זער) ז. *improvisator*

improvi'sion *n.* (אים-פרא-וויזש'-אן) אונפארזיכטיגקייט, אונאויסגערעכענטקייט.

improvi'so *a.* (אים-פרא-וואי'-סאו) ניט פארבערייטעט, ניט שטודירט פאראויס.

improvvisato're *n.* (אים-פרא-ווי-זע-טאו'-רע) ז. *improvisator*

improvvisatri'ce *n.* (אים-פרא-ווי-זע-טרי'-טשע) אן אימפראוויזאטארין. ז. *improvisator*

impru'dence *n.* (אים-פרוה'-דענס) אונקלוגהייט, אונאויסגערעכענטקייט, אונפארזיכטיגקייט, נאכלעסיגקייט; אן אונקלוגע, ניט בערעכענטע טהאט.

impru'dent *a.* (אים-פרוה'-דענט) ניט קלוג, אונבעטראכט, אונאויסגערעכענט, אונפארזיכטיג, נאכלעסיג.

impru'dently *adv.* (אים-פרוה'-דענט-לי) אויף א ניט-קלוגען, אונבערעכענטען, ניט פארזיכטיגען, נאכלעסיגען שטייגער.

impu'beral *a.* (אים-פיו'-בע-רעל) מינדעריעהריג, געשלעכטליך אונרייף.

impu'berty *n.* (אים-פיו'-בער-טי) מינדער-יעהריגקייט; געשלעכטליכע אונרייפקייט.

impubes'cent *a.* (אים-פיו-בעס'-ענט) נאך ניט רייף, נאך ניט דערוואקסען.

impu'bic *a.* (אים-פיו'-ביק) ז. *impuberal*

im'pudence *n.* (אים'-פיו-דענס) אונפערשעמטהייט, חוצפה, העזה.

im'pudent *a.* (אים'-פיו-דענט) אונפערשעמט, חוצפה'דיג, העזה'דיג.

im'pudently *adv.* (אים'-פיו-דענט-לי) אויף אן אונפערשעמטער ארט; חוצפה'דיג, העזה'דיג.

impudic'ity *n.* (אים-פיו-דיס'-אי-טי) אויסגעלאסענקייט; אונציכטיגקייט; אונפערשעמטהייט.

impugn' *v.* (אים-פיון') בעשטרייטען, שטרייטען, ריידען געגען, ארגומענטירען.

impug'nable *a.* (אים-פיו'-נעבל) וואס קען בעשטריטען אדער ווידערשפראכען ווערען.

impug'ner *n.* (אים-פיו'-נער) א בעשטרייטער, א שטרייטער, א ווידערשפרעכער.

impugn'ment *n.* (אים-פיונ'-מענט) דאס בעשטרייטען, ווידערשפרעכען אדער אטאקירען; דאס זיין בעשטריטען אדער ווידערשפראכען.

im'pulse *n.* (אים'-פאלס) אן אימפולס, אן אנשטויס וואס רופט ארויס א בעוועגונג; אן אנטריעב; א פלוצליכע שטארקע נייגונג צו טהאן א געוויסע טהאט; אויפרעגונג, אויפריהרונג; אויפרעגען אדער ערוועקען צו א געוויסער בעוועגונג אדער טהאט.

impulse' *v.* (אים-פאלס') געבען אן אימפולס אדער אנשטויס.

impul'sion *n.* (אים-פאל'-שאן) דער אנשטויס, דער אנטריעב, די נייגונג, די בעוועגונג; אן אימפולס.

impul'sive *a.* (אים-פאל'-סיוו) אימפולסיוו, וואס האנדעלט נאך'ן אינערען אנטריעב; שטויסענד, אנטרייבענד, נייגענד, בעוועגענד.

impul'sive force (אים-פאל'-סיוו פאורס) די בעוועגענדע קראפט [אין מעכאניק].

impul'sively *adv.* (אים-פאל'-סיוו-לי) אויף אן אימפולסיווען אדער אויפרעגענדען שטייגער; דורך אן אימפולס.

impul'siveness *n.* (אים-פאל'-סיוו-נעס) דאס זיין אימפולסיוו אדער אויפרעגבאר; דאס קומען אין בעוועגונג דורך אן אנשטויס אדער אנטריעב.

impunc'tate *a.* (אים-פאנק'-טייט) ניט פונקטירט.

impu'nity *n.* (אים-פיו'-ני-טי) אונבעשטראפטקייט; שטראפלאזיגקייט.

impure' *a.* (אים-פיור') אונריין; בלאטיג, שמוציג; אונבעשיידען, אונאנשטענדיג.

impure'ly *adv.* (אים-פיור'-לי) אויף אן אונריינעם אדער אונאנשטענדיגען אופן.

impure'ness *n.* (אים-פיור'-נעס) אונריינקייט; פאסקודנעקייט; אונבעשיידענהייט; שמוציגע האנדלונג.

impu'rity *n.* (אים-פיו'-רי-טי) ז. *impureness*

imputabil'ity *n.* (אים-פיו-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צוגערעכענט ווערען אדער צוגעשריבען ווערען אויף איינעמס פעראנטווארטליכקייט אדער אויף'ן חשבון פון עפעס.

impu'table *a.* (אים-פיו'-טעבל) צורעכענבאר, צושרייבליך [וואס קען צוגערעכענט אדער צוגעשריבען ווערען]. ז. *imputability*

impu'tableness *n.* (אים-פיו'-טעבל-נעס) ז. *imputability*

impu'tably *adv.* (אים-פיו'-טע-בלי) דורך צושרייבען; דורך צושרייבען איינעם זיין חטא, דורך בעשולדיגונג.
imputa'tion *n.* (אים-פיו-טיי'-שאן) די צורעכנונג, די צושרייבונג; די בעשולדיגונג; דאס פארווארפען.
impu'tative *a.* (אים-פיו'-טע-טיוו) וואס עס קען צוגערעכענט אדער צוגעשריבען ווערען.
impu'tatively *adv.* (אים-פיו'-טע-טיוו-לי) דורך צורעכנונג אדער צושרייבונג.
impute' *v.* (אים-פיוט') צורעכנען, צושרייבען; ארויפלעגען [די שולד פאר עפעס].
Why do you **impute** bad motives to his action?
impu'ter *n.* (אים-פיו'-טער) א צורעכנער, א צושרייבער.
imputres'cible *a.* (אים-פיו-טרעס'-איבל) וואס קען ניט ווערען פערפוילט אדער פערדארבען.
in *prep. and adv.* (אין) אין; אויף; צו; ביי; מיט; צווישען; דעריז, אינוועניג; צו הויז.
inabil'ity *n.* (אין-ע-ביל'-אי-טי) אונפעהיגקייט, אונטויגליכקייט; אונפערמעגליכקייט.
His **inability** to do the work forced him to resign his position.
in a blue funk (אין ע בלוה פאנק) אין א שכור'ליכען צושטאנד, בגילופינדיג.
in a bod'y (אין ע באד'-אי) צוזאמען; פעראייניגט.
The congregation visited the minister **in a body.**
in a breath (אין ע ברעטה) אין איין אטעמצוג; אין איין אויגענבליק.
inaccep'table *a.* (אין-עק-סעפ'-טעבל) וואס קען ניט אנגענומען ווערען.
inaccessibil'ity *n.* (אין-עק-סעס-אי-ביל'-אי-טי) אונצוגענגליכקייט; דאס ניט קענען דערגרייכט ווערען.
inacces'sible *a.* (אין-עק-סעס'-איבל) אונצוגענגליך; וואו מען קען ניט צוקומען.
inacces'sibleness *n.* (אין-עק-סעס'-איבל-נעס) ז. *inaccessibility*.
inacces'sibly *adv.* (אין-עק-סעס'-אי-בלי) אונצוגענגליך; אונערגרייכבאר.
in accor'dance with (אין ע-קאר'-דענס הוויטה) אין איינקלאנג מיט אימעצען אדער מיט עפעס.
In **accordance with** my promise I am sending you herewith an outline of my plan.
inac'curacy *n.* (אין-עק'-יו-רע-סי) אונפינקטליכקייט, אונגענויאיגקייט, אונריכטיגקייט.
inac'curate *a.* (אין-עק'-יו-רייט) אונפינקטליך, אונגענוי, אונריכטיג.
inac'curately *adv.* (אין-עק'-יו-רייט-לי) אויף אן אונפינקטליכען אדער אונגענויען שטייגער.
in a crack (אין ע קרעק) גלייך אויף'ן ארט; איינס און צוויי.
inac'tion *n.* (אין-עק'-שאן) אונטהעטיגקייט; רוה.
in ac'tion (אין עק'-שאן) אין בעוועגונג; אין טהעטיגקייט.
inac'tive *a.* (אין-עק'-טיוו) אונטהעטיג; אונווירקזאם.
inac'tively *adv.* (אין-עק'-טיוו-לי) אין אונטהעטיגקייט; אהן טהעטיגקייט; אהן ארבייט.
inactiv'ity *n.* (אין-עק-טיוו'-אי-טי) אונטהעטיגקייט; אונווירקזאמקייט.
inadaptabil'ity *n.* (אין-ע-דעפ-טע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען אדער זיין ניט פעהיג צוגעפאסט צו ווערען.
inadap'table *a.* (אין-ע-דעפ'-טעבל) וואס קען ניט צוגעפאסט ווערען; וואס פאסט ניט.
inadap'tive *a.* (אין-ע-דעפ'-טיוו) ז. *inadaptable*.
in addi'tion (אין ע-דיש'-אן) אלס צוגאב.
inad'equacy *n.* (אין-עד'-אי-קהוויי-סי) מאנגעלהאפטיגקייט; ניט אנגעמעסטענקייט; אונפאלקאמענהייט; דאס זיין אין א שלעכטער פראפארציאן.
inad'equate *a.* (אין-עד'-אי-קהווייט) מאנגעלהאפט; ניט צוגעמאסטען; ניט גענוגענד; אונפאלקאמען; אונפראפארציאנעל.
His pay is **inadequate** for the work he is doing.
inad'equately *adv.* (אין-עד'-אי-קהווייט-לי) אויף א מאנגעלהאפטען אדער ניט גענוגענדען אופן; אונפאלקאמען, מאנגעלהאפט.
He expressed himself **inadequately.**
inad'equateness *n.* (אין-עד'-אי-קהווייט-נעס) ז. *inadequacy*.
inadher'ent *a.* (אין-עד-היר'-ענט) וואס איז ניט צוגעקלעפט; אין באטאניק — וואס איז ניט אנגעוואקסען, פריי [ווענען געוויסע טיילען פון פלאנצען].
inadhe'sion *n.* (אין-עד-היי'-זשאן) דאס זיין ניט קלעפיג, דאס ניט אנהעפטען; מאנגעל אין אנציהונגס־קראפט.
inadhe'sive *a.* (אין-עד-היי'-סיוו) ניט קלעפיג, ניט אנהעפטענד, ניט אנציהענד.
inadmissibil'ity *n.* (אין-עד-מיס-אי-ביל'-אי-טי) אונצולעסיגקייט.
inadmis'sible *a.* (אין-עד-מיס'-איבל) אונצולעסיג, וואס קען ניט צוגעלאזען אדער ערלויבט ווערען.
inadmis'sibly *adv.* (אין-עד-מיס'-אי-בלי) אויף אן אונצולעסיגען אופן.
in advance' (אין עד-וועגס') פאראויס.
inadver'tence *n.* (אין-עד-וואיר'-טענס) אונאויפמערקזאמקייט; דאס ניט נעהמען אין אכט; נאכלעסיגקייט; א פערזעהן, א טעות, א פעהלער.
inadver'tency *n.* (אין-עד-וואיר'-טען-סי) ז. *inadvertence*.
inadver'tent *a.* (אין-עד-וואיר'-טענט) ניט אכטזאם, ניט אויפמערקזאם; נאכלעסיג; אונבעוואוסט, ניט בעאבזיכטיגט.
inadver'tently *adv.* (אין-עד-וואיר'-טענט-לי) ניט נעהמענדיג אין אכט, אהן איבערלעגונג; מיט נאכלעסיגקייט.
inadvisabil'ity *n.* (אין-עד-וואי-זע-ביל'-אי-טי) אונראטהזאמקייט.
inadvi'sable *a.* (אין-עד-וואי'-זעבל) אונראטהזאם.
inaffabil'ity *n.* (אין-עפ-ע-ביל'-אי-טי) אונגעזעליגקייט, אונפריינדליכקייט.
inaf'fable *a.* (אין-עפ'-עבל) אונגעזעליג, אונפריינדליך, אונגעשפרעכיג.
inalienabil'ity *n.* (אין-אייל-יען-ע-ביל'-אי-טי) אונאיבערטראגבארקייט; די אונמעגליכקייט איבערגעטראגען צו ווערען צו אן אנדערען; די אונמעגליכקייט פערפרעמדעט צו ווערען.
inal'ienable *a.* (אין-אייל'-יענ-עבל) אונאיבערטראגבאר, וואס קען ניט פערפרעמדעט ווערען אדער איבערגעטראגען ווערען צו אן אנדערען.
inal'ienableness *n.* (אין-אייל'-יענ-עבל-נעס) ז. *inalienability*.
inal'ienably *adv.* (אין-אייל'-יענ-ע-בלי) אזוי, אז עס זאל ניט פערפרעמדעט אדער איבערגעטראגען ווערען צו אן אנדערען.
inalimen'tal *a.* (אין-על-אי-מענ'-טעל) ניט נאהרהאפט.
in all respects' (אין אהל רי-ספעקטס') אין אלע בעציהונגען, אין אלע הינזיכטען.
inalterabil'ity *n.* (אין-אהל-טער-ע-ביל'-אי-טי) אונפערענדערליכקייט.
inal'terable *a.* (אין-אהל'-טער-עבל) אונפערענדערליך.
inamis'sible *a.* (אין-ע-מיס'-איבל) וואס קען ניט פערלארען ווערען.
inamora'ta *n.* (אין-ע-מא-רא'-טא) א געליעבטע.
inamora'to *n.* (אין-ע-מא-רא'-טאו) א פערליעבטער.
in'-and-in' *n. and a.* (אין'-ענד-אין') אזא אלט שפיעל אין ביינדלעך; וואס שטאמט ניט פון פערשיעדענע מינים [וועגען חיות]; ווירקענד אהן אויפהער.
in and out (אין ענד אוט) אריין און ארויס; היין און הער.
inane' *a. and n.* (אין-איין') לעדיג, פוסט; זינלאז, ניכטיג; פוסטקייט, לעדיגקייט.
inan'gular *a.* (אין-ענ'-גיו-לער) ניט ווינקעלדיג.
inan'imate *a.* (אין-ענ'-אי-מייט) אונבעלעבט, וואס האט קיין לעבען; אהן לעבעדיגקייט, אונטהעטיג.
inan'imated *a.* (אין-ענ'-אי-מיי-טעד) ז. *inanimate*.
inan'imateness *n.* (אין-ענ'-אי-מייט-נעס) אונבעלעבטקייט, אונלעבעדיגקייט.
inanima'tion *n.* (אין-ענ-אי-מיי'-שאן) ז. *inanimateness*.
inani'tiate *a. and v.* (אין-ע-ניש'-אי-אייט) אויסגעמארעט פון הונגער; פוסט, לעדיג; אויסמארענען דורך הונגער.
inanitia'tion *n.* (אין-ע-ניש-אי-איי'-שאן) דאס זיין אויסגעמארעט פון הונגער.
inani'tion *n.* (אין-ע-ניש'-אן) דאס זיין פוסט אדער לעדיג; פוסטקייט, לעדיגקייט; דאס זיין אויסגעמארעט דורך הונגער.
inan'ity *n.* (אין-ענ'-אי-טי) פוסטקייט, לעדיגקייט; זינלאזיגקייט; ניכטיגקייט.
inap'athy *n.* (אין-עפ'-ע-טהי) עמפפינדליכקייט, פיהלבארקייט.
inappeal'able *a.* (אין-ע-פיעל'-עבל) וואס קען ניט אפעלירט ווערען.
inappeas'able *a.* (אין-ע-פיעז'-עבל) ניט צו בערוהיגען; ניט איבערצובעטען.
inappellabil'ity *n.* (אין-ע-פעל-ע-ביל'-אי-טי) די אונמעגליכקייט אפעלירט צו ווערען.
inap'petence *n.* (אין-עפ'-אי-טענס) מאנגעל אין אפעטיט, אפעטיטלאזיגקייט.
inap'petency *n.* (אין-עפ'-אי-טען-סי) ז. *inappetence*.
inapplicabil'ity *n.* (אין-עפ-לי-קע-ביל'-אי-טי) אונאנווענדבארקייט; אונברויכבארקייט, אונציפאסיגקייט.
inap'plicable *a.* (אין-עפ'-לי-קעבל) אונאנווענדבאר, וואס מען קען ניט אנווענדען; אונברויכבאר.
Some of the provisions of the American Constitution are **inapplicable** to present conditions.

inap'plicableness *n.* (אינ-עפ'-לי-קעבל-נעס) ז. *inapplicability*
inap'plicably *adv.* (אינ-עפ'-לי-קע-בלי) מיט דער אוממעגליכקייט אנצואווענדען; אונברויכבאר.
inapplica'tion *n.* (אינ-עפ-לי-קיי'-שאן) אונפלייסיגקייט, אונטהעטיגקייט; פוילקייט.
inap'posite *a.* (אינ-עפ'-א-זיט) אונפאסענד; אונגעהעריג.
inap'positely *adv.* (אינ-עפ'-א-זיט-לי) אונפאסענד, אונגעהעריג.
inappre'ciable *a.* (אינ-ע-פרי'-שי-עבל) וואס איז ניט ווערטה צו שאצען; ווערטהלאז.
inapprecia'tion *n.* (אינ-ע-פרי-שי-איי'-שאן) די ניט ווירדיגונג, דאס ניט אנערקענען דעם ווערטה.
inappre'ciative *a.* (אינ-ע-פרי'-שי-איי-טיוו) ניט געבענדיג קיין אנערקענונג; ניט אבשאצענדיג דעם ווערטה.
inapprehen'sible *a.* (אינ-עפ-רי-הענ'-סיבל) אונבעגרייפליך; אונפערשטענדליך.
inapprehen'sion *n.* (אינ-עפ-רי-הענ'-שאן) אונבעגרייפליכקייט, אונפערשטענדליכקייט.
inapprehen'sive *a.* (אינ-עפ-רי-הענ'-סיוו) אונבעגרייפליך; אהן מורא, פורכטלאז.
inapproach'able *a.* (אינ-ע-פראוטש'-עבל) אונצוגענגליך, אונעררייכבאר.
inapproach'ably *adv.* (אינ-ע-פראוטש'-ע-בלי) אויף אן אונצוגענגליכען אדער אונעררייכבארען אופן.
inappro'priate *a.* (אינ-ע-פראו'-פרי-אייט) אונגעהעריג, אונפאסענד; ניט ריכטיג.
inappro'priately *adv.* (אינ-ע-פראו'-פרי-אייט-לי) אויף אן אונגעהעריגען אדער אונפאסענדען אופן.
inappro'priateness *n.* (אינ-ע-פראו'-פרי-אייט-נעס) אונפאסיגקייט, אונצוטרעפליכקייט.
inapt' *a.* (אינ-עפט') אונפאסענד, אונטויגליך; אונגעשיקט.
This expression is very **inapt**.
inap'titude *n.* (אינ-עפ'-טי-טיוד) אונטויגליכקייט; אונגעשיקטקייט; אונפאסליכקייט.
inapt'ly *adv.* (אינ-עפט'-לי) אויף אן אונפאסענדען, אונטויגליכען אדער אונגעשיקטען אופן.
inapt'ness *n.* (אינ-עפט'-נעס) ז. *inaptitude*
inar'able *a.* (אינ-ער'-עבל) וואס קען ניט געאקערט ווערען.
inarch' *v.* (אינ-ארטש') לאזען צוזאמענוואקסען צווייגען פון בוימער וואס שטעהען איינע נעבען די אנדערע.
inar'ching *n.* (אינ-אר'-טשינג) דאס לאזען צוזאמענוואקסען צווייגען פון בוימער וואס שטעהען איינע נעבען די אנדערע.

Inarching

inartic'ulate *a.* (אינ-אר-טיק'-יו-לייט) אונדייטליך אויסגעשפראכען; וואס קען ניט אויסגעשפראכען ווערען; וואס האט ניט קיין געלענקען; ניט געגלידערט.
inartic'ulated *a.* (אינ-אר-טיק'-יו-לייט-עד) אהן געלענקען; ניט געגלידערט.
inartic'ulately *adv.* (אינ-אר-טיק'-יו-לייט-לי) מיט אן אונדייטליכער אויסשפראכע; אויף אן אונדייטליך אויסגעשפראכענעם אופן.
inartic'ulateness *n.* (אינ-אר-טיק'-יו-לייט-נעס) ז. *inarticulation*
inarticula'tion *n.* (אינ-אר-טיק-יו-ליי'-שאן) די אונדייטליכקייט אין אויסשפרעכען; די אונדייטליכקייט פון דער אויסשפראכע.
in artic'ulo mor'tis (אין אר-טיק'-יו-לאו מאר'-טיס) א מינוט פאר'ן טויט, ביי דער יציאת נשמה, ביי דער גסיסה.
inartifi'cial *a.* (אינ-אר-טי-פיש'-על) ניט קינסטלעריש; אונגעשיקט; איינפאך, נאטירליך, ניט געקינסטעלט.
inartifi'cially *adv.* (אינ-אר-טי-פיש'-על-אי) אויף א ניט קינסטלערישען אדער אונגעשיקטען אופן; מיט איינפאכקייט; ניט געקינסטעלט, נאטירליך.
inartifi'cialness *n.* (אינ-אר-טי-פיש'-על-נעס) דאס זיין ניט קינסטלעריש; אונגעשיקטליכקייט; איינפאכקייט, נאטירליכקייט, אונגעקינסטעלטקייט.
inartis'tic *a.* (אינ-אר-טיס'-טיק) ניט ארטיסטיש, ניט קינסטלעריש.
inartis'tical *a.* (אינ-אר-טיס'-טי-קעל) ז. *inartistic*
inartis'tically *adv.* (אינ-אר-טיס'-טי-קעל-אי) אויף א ניט קינסטלערישען אדער ניט ארטיסטישען שטייגער.
in'asmuch' *adv.* (אינ'-עז-מאטש') אזוי פיעל ווי...; אזוי ווייט ווי...; אזוי ווי, נעהמענדיג אין אנבעטראכט, איינזעהענדיג.
inassimila'tion *n.* (אינ-ע-סים-אי-ליי'-שאן) אונפערדייאונג; אונפעהיגקייט זיך צו פערמישען.
inatten'tion *n.* (אינ-ע-טענ'-שאן) אונאויפמערקזאמקייט, צושטרייטקייט, נאכלעסיגקייט; א פערנאכלעסיגונג; אן אונהעפליכקייט.
inatten'tive *a.* (אינ-ע-טענ'-טיוו) אונאויפמערקזאם, נאכלעסיג, צושטרייט.
inatten'tively *adv.* (אינ-ע-טענ'-טיוו-לי) אויף אן אונאויפמערקזאמען, צושטרייטען אדער נאכלעסיגען שטייגער.
inatten'tiveness *n.* (אינ-ע-טענ'-טיוו-נעס) ז. *inattention*
inaudibil'ity *n.* (אינ-אה-די-ביל'-אי-טי) אונהערבארקייט, אונפעהיגקייט געהערט צו ווערען.
inau'dible *a.* (אינ-אה'-דיבל) אונהערבאר, וואס קען ניט געהערט ווערען.
inau'dibleness *n.* (אינ-אה'-דיבל-נעס) ז. *inaudibility*
inau'dibly *adv.* (אינ-אה'-די-בלי) אונהערבאר; אזוי אז עס איז אונמעגליך צו הערען.
inau'gural *a.* and *n.* (אינ-אה'-גיו-רעל) אינאגוראל, וואס איז שייך צו אן איינוויהונג אדער פייערליכער איינפיהרונג אין אן אמט; א פייערליכע איינפיהרונג פון עפעס וויכטיגעס; אן איינווייהונגס-רעדע; א רעדע פון איינעם, ווען מען פיהרט איהם פייערליך איין אין אן אמט.
inau'gural adress' (אינ-אה'-גיו-רעל ע-דרעס') אן איינווייהונגס-רעדע; א רעדע, וועלכע איינער האלט, ווען מען פיהרט איהם פייערליך איין אין אן אמט.
inau'gurate *v.* (אינ-אה'-גיו-רייט) איינווייהען, מחנך זיין; מאכען א פייערליכע אדער אפיציעלע איינפיהרונג אדער אנפאנג פון עפעס; פייערליך איינפיהרען אין אן אמט.
inaugura'tion *n.* (אינ-אה-גיו-ריי'-שאן) איינוויהונג, חנוך; איינפיהרונג, אנפאנג; עפענטליכע, אפיציעלע ערעפנונג פון עפעס; פייערליכע איינפיהרונג אין אן אמט.
inaugura'tion day (אינ-אה-גיו-ריי'-שאן דיי) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דער 4טער מערץ, אין דעם יאהר, ווען דער ניי-ערוועהלטער פרעזידענט ווערט איינגעפיהרט אין אמט.
inau'gurator *n.* (אינ-אה'-גיו-ריי-טאר) איינער וואס פיהרט איין, ערעפענט אדער הויבט עפעס אן; אן איינווייהער; איינער וואס פיהרט איין אין אן אמט.
inau'guratory *a.* (אינ-אה'-גיו-רע-טא-רי) ז. *inaugural*
inau'rate *v.* and *a.* (אינ-אה'-רייט) בעגילדען; בעגילט, ווי בעגילט; וואס האט א מעטאלישען אדער גאלדענעם אבגלאנץ [וועגען קערפער-טיילען פון אינזעקטען].
inaura'tion *n.* (אינ-אה-ריי'-שאן) פערגאלדונג, בעגילדונג.
inauspi'cious *a.* (אינ-אס-פיש'-אס) אונגינסטיג, ניט מזל'דיג, וואס זאגט פארויס אויף שלעכטעס.
inauspi'ciously *adv.* (אינ-אס-פיש'-אס-לי) אויף א ניט גינסטיגען אדער ניט מזל'דיגען שטייגער.
inauspi'ciousness *n.* (אינ-אס-פיש'-אס-נעס) אונגינסטיגקייט, ניט-מזל'דיגקייט.
inauthor'itative *a.* (אינ-אה-טהאר'-אי-טע-טיוו) אהן אויטאריטעט, אהן פאלמאכט, אהן מאכט, אהן א דעה.
in banc (אין בענק) ז. *in banco*
in ban'co (אין בענ'-קאו) אין דער פולער פערזאמלונג פון אלע ריכטער.
in'being *n.* (אינ'-בי-אינג) דאס דא-זיין, דאס ביי-זיין, דאס עקזיסטירען, דאס דרין-זיין.
in'bent *a.* (אינ'-בענט) איינגעבויגען נאך אינוועניג.
inbind' *v.* (אינ-באינד') איינשליסען.
in'board *adv.* and *a.* (אינ'-באורד) אינוועניג, צום מיטעלפונקט [פון א שיף]; וואס געפינט זיך אינוועניג אדער נאהענט צום מיטעלפונקט [פון א שיף].
in board (אין באורד) אויף קעסט.
in boards (אין באורדז) אין געבונדען טאוועל-פאפיער.
in'bond *a.* (אינ'-באנד) געלעגט אין דער לענג פון דער וואנד [וועגען ציגעל און שטיינער].
in'born *a.* (אינ'-בארן) איינגעבארען, נאטירליך.
in'bound *a.* (אינ'-באונד) אנקומענדיג, זיך צוריקקעהרענדיג [אהיים].
inbreathe' *v.* (אינ-בריעטה') אריינאטהמען; איינגעבען דורך איינאטהעמען; בעגייסטערען, איבערגעבען ברוח הקודש.
in'bred *a.* (אינ'-ברעד) איינגעבארען, נאטירליך.
inbreed' *v.* (אינ-בריעד') איינגעבעהרען; ענטוויקלען אינערליך; מאכען אלס א נאטירליכע אייגענשאפט; ערציהען חיות פון דערזעלביגער אבשטאמונג.
in buff (אין באף) נאקעט.
In'ca *n.* (אינ'-קא) איינער פון די אינקא [א ראסע אדער שבט, וועלכער האט געהערשט אין פערו איידער די שפאניער האבען איינגענומען דיעזעס לאנד]; א מין ים-שוואלבען [שווארצע שוואלבען מיט א לאק ווייסע פעדערען פון ביידע זיי-

טען קאפ, וואס האלטען זיך אויף ביי די ברעגעס פון ים]; א מין מעקסיקאנישע רויטע זשוקלעך, וועלכע פליהען ארום על־פי־רוב אין סאמע מיטען טאג.

in'ca *n.* (אינ'-קא) א פארצייטיגער הויפטמאן אדער קעניג פון פערו [אין זיד־אמעריקא].

incage' *v.* (אינ-קיידזש') איינשפארען אין א שטייג.

incal'culable *a.* (אינ-קעל'-קיו-לעבל) אונבערעכענבאר; אזוי גרויס אדער אזוי פיעל, דאס מען קען עס ניט צונויפרעכענען.

incal'culableness *n.* (אינ-קעל'-קיו-לעבל-נעס) די אונמעגליכקייט צו ווערען בערעכענט [ווענען זעהר גרויסע קוואנטיטעטען].

incal'culably *adv.* (אינ-קעל'-קיו-לע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט בערעכענט ווערען; דורך זעהר גרויסע קוואנטיטעטען.

incales'cence *n.* (אינ קע לעס'-ענס) די אנווארעמונג, דאס ווערען ווארימער און ווארימער.

incales'cency *n.* (אינ-קע-לעס'-ענ-סי) ז. *incalescence*

incales'cent *a.* (אינ-קע-לעס'-ענט) וואס ווערט ווארימער און ווארימער.

in calf (אין קאהף) געבונדען אין קאלבלעדער [ווענען א בוך].

in-cal'ving *a.* (אינ-קאה'-ווינג) וואס קעלבט זיך; ביים קעלבען זיך [ווענען א קוה].

incamera'tion *n.* (אינ-קעמ-ע-ריי'-שאן) די פעראייניגונג אדער צוגעבונג פון גיטער צו די גיטער וואס בעלאנגען צום פאפסט אדער צו א רעגיערונג.

incandes'cence *n.* (אינ-קענ-דעס'-ענס) דאס ווייס־גליהען [פון פייער].

incandes'cency *n.* (אינ-קענ-דעס'-ענ-סי) ז. *incandescence*

incandes'cent *a.* (אינ-קענ-דעס'-ענט) ווייס־גליהענד, וואס גליהט ביז ווייס [פון פייער].

incandes'cent lamp (אינ-קענ-דעס'-ענט לעמפ) א גאז־לאמפ אדער עלעקטרישער לאמפ וואס ברענט מיט א ווייס־גליהענדער שיין.

inca'nous *a.* (אינ-קיי'-נאס) גרויליך, בעדעקט מיט עפעס וואס איז גרוי; בעדעקט מיט שימעל.

incanta'tion *n.* (אינ-קענ-טיי'-שאן) דאס פער'כשופ'ען; בעצויבערונג, צויבער; כשוף.

in'cantator *n.* (אינ'-קענ-טיי-טאר) א מכשף, א בעצויבערער.

incan'tatory *a.* (אינ-קענ'-טיי-טא-רי) צויבעריש, כשופ'דיג.

incan'ton *v.* (אינ-קענ'-טאן) פעראייניגען אין א קאנטאן אדער גובערניע [ווענען די קאנטאנען אין שווייץ].

incapabil'ity *n.* (אינ-קיי-פע-ביל'-אי-טי) אונפעהיגקייט; אונמעכטיגקייט; אונטיכטיגקייט; געזעצליכע אונפעהיגקייט.

inca'pable *a. and n.* (אינ-קיי'-פעבל) אונפעהיג; אונטיכטיג, געזעצליך אונפעהיג; אן אונפעהיגער, שוואכער מענש.

inca'pableness *n.* (אינ-קיי'-פעבל-נעס) ז. *incapability*

inca'pably *adv.* (אינ-קיי'-פע-בלי) אונפעהיגערווייזע.

incapa'cious *a.* (אינ-קע-פיי'-שאס) ניט גערוים, ענג; ניט אומפאסענד; וואס ענטהאלט אדער פערמאגט ווייניג; אונפעהיג, אונטיכטיג.

incapa'ciousness *n.* (אינ-קע-פיי'-שאס-נעס) ניט־געראמקייט, ענגקייט.

incapac'itate *v.* (אינ-קע-פעס'-אי-טייט) ברייננען אויסער שטאנד; מאכען אונפעהיג; אבנעהמען איינעמס רעכטע, מאכען איהם פאר געזעצליך אונפעהיג.

incapacita'tion *n.* (אינ-קע-פעס-אי-טיי'-שאן) דאס מאכען אונפעהיג אדער אונפאסיג; דאס אוועקנעהמען די רעכטע.

incapac'ity *n.* (אינ-קע-פעס'-אי-טי) אונפעהיגקייט, שוואכקייט; דאס ניט האבען די קאמפעטענץ אדער מאכט דורכצופיהרען עפעס; דאס ניט האבען קיין רעכטע, דאס זיין געזעצליך אונפעהיג.

incar'cerate *v.* (אינ-קאר'-סע-רייט) איינשפארען אין געפענגניס; איינשליסען.

incarcera'tion *n.* (אינ-קאר-סע-ריי'-שאן) די איינשפארונג אין געפענגניס; אין כירורגיע — א שטארקע צונויפדריקונג [ביי א קילע אדער ברוך].

in care of (אין קעהר אוו) אונטער דער אויפזיכט, אונטער דער בעזארגונג פון אימעצען אדער עפעס.

Please address my mail **in care of** my brother.

incar'nadine *v.* (אינ-קאר'-נע-דין) פארבען מיט א פלייש־קאליר [א בלאס־רויטער קאליר].

incar'nate *v. and a.* (אינ-קאר'-נייט) בעדעקען מיט פלייש, פערקערפערען אין פלייש, פערמענשליכען; בעדעקט מיט פלייש, פערקערפערט אין פלייש; פון א פלייש־קאליר, בלאס־רויט.

incarna'tion *n.* (אינ-קאר-ניי'-שאן) דאס בעדעקען זיך מיט פלייש, דאס פערקערפערען זיך אין פלייש; דאס ווערען א בשר־ודם [אין דער לעהרע פון דער קריסטליכער קירך ווענען יעזוס קריסטוס]; דאס היילען זיך פון א וואונד; די פערקערפערונג פון אן אידעע אדער פארשטעלונג, פערזאניפיקאציאן.

in case (אין קייס) אין פאל, פאלס.

incase' *v.* (אינ-קייס') איינשליסען; בעדעקען.

incase'ment *n.* (אינ-קייס'-מענט) דאס איינשליסען אדער דאס זיין איינגעשלאסען אין א קעסטעל אדער שיידעל; א שיידעל, א קעסטעל.

incas'tellated *a.* (אינ-קעס'-טע-ליי-טעד) וואס איז איינגעשפארט אין א שלאס.

incas'telled *a.* (אינ-קעס'-טעלד) ז. *incastellated*

incau'tion *n.* (אינ-קאה'-שאן) אונפארזיכטיגקייט.

incau'tious *a.* (אינ-קאה'-שאס) אונבעהיטזאם, אונפארזיכטיג.

incau'tiously *adv.* (אינ-קאה'-שאס-לי) מיט אונפארזיכטיגקייט, אויף אן אונפארזיכטיגען שטייגער.

incau'tiousness *n.* (אינ קאה'-שאס-נעס) אונבעהיטזאמקייט, אונפארזיכטיגקייט.

inca'vate *a.* (אינ-קיי'-ווייט) אויסגעהעהלט, לעכערדיג, פוסט פון אינעוועניג.

inca'vated *a.* (אינ-קיי'-ווי-טעד) ז. *incavate*

incava'tion *n.* (אינ-קע-וויי'-שאן) די אויסהעהלונג, דאס אויסלעכערען, דאס מאכען פוסט פון אינעוועניג.

incen'diarism *n.* (אינ-סענ'-די-ע-ריזם) אונטערצינדעריי, מארד־ברענעריי.

incen'diary *n. and a.* (אינ-סענ'-די-ע-רי) אן אונטערצינדער, א מארד־ברענער; אן אויפריהרער; אן אויפהעצער; וואס צינדט אונטער; וואס מאכט א שרפה; וואס העצט אן, וואס רייצט אויף; וואס מאכט אן מחלוקות.

in'cense *n. and v.* (אינ'-סענס) וויירויך; דאס רויכערען וויירויך; אראמאט; א ריח ניחוח; א שבח; א לויב; רויכערען וויירויך; זינגען שבחים, חנפ'ענען.

incense' *v.* (אינ-סענס') ענטצינדען, ערביטערען, אויפרייצען, אויפהעצען.

I am **incensed** at your unjust actions.

in'cense-brea'thing *a.* (אינ'-סענס-בריע'-טהינג) וואס אטהעמט מיט אראמאט; וואס פערשפרייט אן אנגענעהמען ריח.

incensed' *a.* (אינ-סענסט') שטארק אויפגערעגט; שטארק אין כעס.

incense'ment *n.* (אינ-סענס'-מענט) גרימצארן, א שטארקער כעס.

incen'sive *a.* (אינ-סענ'-סיוו) ענטצינדענד, ערביטערנד; אויפרייצענד, אנהעצענד.

incen'sor *n.* (אינ-סענ'-סאר) אן אנרייצער, אן אנהעצער.

incen'surable *a.* (אינ-סענ'-שוהר-עבל) וואס פערדיענט ניט געטאדעלט צו ווערען.

incen'surably *adv.* (אינ-סענ'-שוהר-ע-בלי) אזוי, עס זאל ניט פערדיענען געטאדעלט צו ווערען.

incen'tive *a. and n.* (אינ-סענ'-טיוו) אויפריהרענד, אויפמונטערענד; אן אנטריב, א מאטיוו, עפעס וואס עררעגט צו א געוויסער טהאט אדער אויפפיהרונג.

incen'tively *adv.* (אינ-סענ'-טיוו-לי) אויף אן אויפמונטערענדען אדער עררעגענדען שטייגער.

incep'tion *n.* (אינ-סעפ'-שאן) אן אנפאנג; די אנפאנגס־שטופע.

incep'tive *a. and n.* (אינ-סעפ'-טיוו) אנפאנגענד; וואס בעצייכענט דעם אנפאנג אדער דעם ארויסגאנגס־פונקט פון עפעס; אין מאטעמאטיק — וואס דיענט אלס אנפאנג צו דער ענטוויקלונג פון אן אנדער זאך אדער פיגור [א פונקט גיט דעם אנפאנג פון א ליניע; א ליניע גיט דעם אנפאנג פון א פלעכע; א פלעכע גיט דעם אנפאנג פון א סאלידער פיגור]; דער אדער דאס וואס פאנגט אן; דאס וואס בעצייכענט אן אנפאנג.

incep'tively *adv.* (אינ-סעפ'-טיוו-לי) אנפאנגענדיג.

incep'tor *n.* (אינ-סעפ'-טאר) אן אנפאנגער; א קאנדידאט פאר א טיטעל פון געלעהרזאמקייט אין די אלטע ענגלישע אוניווערזיטעטען.

incera'tion *n.* (אינ-סי-ריי'-שאן) דאס בעדעקען מיט וואקס; דאס מישען וואקס מיט אן אנדער שטאף.

in'cerative *a.* (אינ'-סי-רע-טיוו) וואס קלעפט זיך צו ווי וואקס.

incer'tainty *n.* (אינ-סויר'-טענ-טי) אונגעוויסהייט, א ספק, א צווייפעל.

incer'titude *n.* (אינ-סויר'-טי-טיוד) אונגעוויסהייט, אונזיכערהייט.

inces'sancy *n.* (אינ-סעס'-ענ-סי) אונאויפהערליכקייט, אונאויפהערליכער דויער.

inces'sant *a.* (אינ-סעס'-ענט) אונאויפהערליך; וואס הערט ניט אויף.

inces'santly *adv.* (אינ-סעס'-ענט-לי) אויף אן אונאויפהערליכען אופן; מיט א בעשטענדיגער ווידערהאלונג.

inces'santness *n.* (אינ-סעס'-ענט-נעס) אונאויפהערליכקייט.

in'cest *n.* (אינ'-סעסט) בלוט=שאנדע, אונערלויבטע הייראט צווישען נאהנטע קרובים.

inces'tuous *a.* (אינ-סעס'-טיו-אס) וואס איז שולדיג אין בלוט=שאנדע [אין הייראט מיט נאהנטע קרובים]; בלוט=שענדעריש.

inces'tuously *adv.* (אינ-סעס'-טיו-אס-לי) אויף א בלוט=שענדערישען אופן, אויף דעם אופן פון הייראט צווישען נאהנטע קרובים.

inces'tuousness *n.* (אינ-סעס'-טיו-אס-נעס) בלוט=שאנדע, הייראט צווישען נאהנטע קרובים.

inch *n., a. and v.* (אינטש) א צאל [א לענגען=מאס, א צוועלפטער טייל פון א פוס]; א קלייניגקייט; אן אינזעל; וואס איז א צאל [די לענג, די הויך אדער די ברייט]; אבמעסטען אין צאלען; טרייבען, שטופען, פארטשרייטען אדער צוריקטרעטען טריט פאר טריט [צאל פאר צאל]; געבען ביסלעכווייז, שפארעוודיג געבען.

incham'ber *v.* (אינ-טשיימ'-בער) איינקווארטירען אין א צימער.

inch by inch (אינטש באי אינטש) טריט ביי טריט, ביסלעכווייז, גראדענווייז.

inched *a.* (אינטשט) בעצייכענט אין צאלען, אבגעמאסטען אין צאלען.

in'choant *a.* (אינ'-קא-ענט) פון אנפאנג, פון אנהויב; אנפאנגענדיג, אנהויבענדיג.

in'choate *a. and v.* (אינ'-קא-אייט) פון סאמע אנהויב; אנפאנגענדיג; נאך ניט פאלשטענדיג פארמירט אדער איינגעשטעלט; אנפאנגען.

in'choately *adv.* (אינ'-קא-אייט-לי) אין אן אנפאנגס=צושטאנד; אין אנפאנג.

inchoa'tion *n.* (אינ-קא-איי'-שאן) אן אנפאנג, דאס אנפאנגען; אן אנפאנגס=צושטאנד.

incho'ative *a. and n.* (אינ-קאו'-ע-טיוו) אנפאנגענד; וואס בעצייכענט דעם אנפאנג פון א טהאט; אן אנפאנג; דאס וואס דריקט אויס אדער בעצייכענט דעם אנפאנג פון א טהאט אדער פאסירונג; אין גראמאטיק — א צייטווארט [פעל] וואס בעצייכענט דעם אנפאנג פון א טהאט.

inch'-pound *n.* (אינטש'-פאונד) אן איינהייט צו מעסטען ענערגיע [דאס איז די ארבייט וועלכע ווערט געטהאן ביים אויפהויבען א פונט משא א צאל הויך].

in'cidence *n.* (אינ'-סי-דענס) דאס פאלען אדער די ריכטונג פון פאלען; אין פיזיק — די ריכטונג פון א ליכט=שטראהל אדער היץ=שטראהל, ווען ער פאלט אויף א פלעכע; אין געאמעטריע — דאס צונויפפאלען פון א פונקט מיט א ליניע אדער פון א ליניע מיט א פלעכע; די לאסט פון א געזעץ אדער שטייער וואס פאלט אונגלייך אויף דער בעפעלקערונג.

in'cident *a. and n.* (אינ'-סי-דענט) 1. צופעליג; וואס פאלט אויף עפעס; נעבענביי; פאלגענד, וואס האט א שייכות, פערבונדען; 2. אן אינצידענט, א צופאל, א צווישענפאל; אן אומשטאנד; א נעבענזאך, א ביי=זאך.

2. The visit to Rome was only an **incident** in our journey.

inciden'tal *a. and n.* (אינ-סי-דענ'-טעל) צופעליג; ביילויפיג; געלעגענטליך; נעבענביי; א נעבען=זאך, א ביי=זאך.

inciden'tally *adv.* (אינ-סי-דענ'-טעל-אי) צופעליגערווייזע; דורך א צופאל.

in'cidentless *a.* (אינ'-סי-דענט-לעס) אהן אן אינצידענט, אהן א צופאל.

in'cident proposi'tion (אינ'-סי-דענט פרא-פאו-זיש'-אן) אין גראמאטיק — א צווישען=זאץ, א נעבען=זאץ.

incin'erate *v.* (אינ-סינ'-ע-רייט) פערברענען אויף אש.

incinera'tion *n.* (אינ-סינ-ע-ריי'-שאן) דאס פערברענען אויף אש, דאס פערוואנדלען אין אש.

incin'erator *n.* (אינ-סינ'-ע-ריי-טאר) אן אויווען צום פערברענען זאכען אויף אש.

incip'ience *n.* (אינ-סיפ'-אי-ענס) אן אנפאנג, אן אנהויב.

incip'iency *n.* (אינ-סיפ'-אי-ענ-סי) ז. *incipience*.

incip'ient *a.* (אינ-סיפ'-אי-ענט) אנפאנגענד, אנהויבענד.

incip'iently *adv.* (אינ-סיפ'-אי-ענט-לי) אנפאנגענדיג, אנהויבענדיג.

in'-circle *n.* (אינ'-סוירקל) אן אריינגעשריבענער קרייז [א קרייז אריינגעשריבען אין א דריי=עק, אין א קוואדראט אדער אין אן אנדער פיעל=זייטיגער געאמעטרישער פיגור].

incir'cle *v.* (אינ-סויר'קל) ארומרינגלען, ארומקרייזען.

incircumscrip'tible *a.* (אינ-סויר-קאם-סקריפ'-טיבל) וואס קען ניט בעגרענעצט ווערען; אונבעגרענעצט.

incircumscrip'tion *n.* (אינ-סויר-קאם-סקריפ'-שאן) דאס זיין אונבעגרענעצט.

incir'cumspect *a.* (אינ-סויר'-קאם-ספעקט) אונפארזיכטיג, אונבעדאכט.

incircumspec'tion *n.* (אינ-סויר-קאם-ספעק'-שאן) אונפארזיכטיגקייט; אונבעדאכטזאמקייט.

incir'cumspectly *adv.* (אינ-סויר'-קאם-ספעקט-לי) מיט אונפארזיכטיגקייט, מיט אונבעדאכטזאמקייט.

incise' *v.* (אינ-סאיז') איינשניידען; איינגראווירען.

incised' *a.* (אינ-סאיזד') איינגעשניטען; איינגעגראווירט.

inci'sion *n.* (אינ-סיזש'-אן) דאס איינשניידען; א שניט, אן איינשניט.

inci'sion-knife *n.* (אינ-סיזש'-אנ-נאיף) א לאנצעט [א כירורגיש מעסער].

inci'sive *a.* (אינ-סאי'-סיוו) שניידענד, איינשניידענד; שארף, שניידענד [ווי א שניידענדער וויץ]; וואס איז שייך צו די שניידענדע אדער פאדערשטע צייהנער.

inci'siveness *n.* (אינ-סאי'-סיוו-נעס) די שניידיגקייט, שארפקייט.

inci'sive teeth (אינ-סאי'-סיוו טיעטה) די שניידענדע אדער פאדערשטע צייהנער.

inci'sor *n.* (אינ-סאי'-סאר) א שניידצאהן [א פאדערשטער צאהן].

inci'sory *a.* (אינ-סאי'-סא-רי) ז. *incisive*.

incis'ure *n.* (אינ-סיזש'-אור) אן איינשניט, א שניט.

incitabil'ity *n.* (אינ-סאי-טע-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט צו ווערען אויפגערעגט אדער בעוועגט צו א געוויסער טהעטיגקייט.

inci'table *a.* (אינ-סאי'-טעבל) וואס איז פעהיג אויפצורעגען זיך אדער בעוועגט צו ווערען צו א געוויסער טהעטיגקייט.

incita'tion *n.* (אינ-סי-טיי'-שאן) די אנרייצונג, די אנטרייבונג, אן אנטריעב; דאס וואס בעוועגט צו א געוויסער טהעטיגקייט; א מאטיוו.

inci'tative *n.* (אינ-סאי' טע-טיוו) דאס אויפרייצען אדער בעוועגען צו עפעס; אן אנטריעב; א מאטיוו.

incite' *v.* (אינ-סאיט') אנרייצען, אנטרייבען; בעוועגען צו עפעס.

incite'ment *n.* (אינ-סאיט'-מענט) אן אנטריעב, א מאטיוו, דאס וואס עררעגט צו א געוויסער טהאט; אויפרייצונג.

inci'ter *n.* (אינ-סאי'-טער) איינער וואס רעגט אויף אדער בעוועגט צו א געוויסער טהאט.

incivil'ity *n.* (אינ-סי-וויל'-אי-טי) אונהעפליכקייט, אונארטיגקייט, אונאנשטענדיגקייט, גראבקייט.

in'civism *n.* (אינ'-סי-וויזם) דאס ניט טהאן קיין בירגער=פפליכטען; דאס זיין אנטי=סאציאל, דאס ארויסטרעטען געגען דער עקזיסטירענדער פאליטישער און געזעלשאפטליכער ארדנונג.

inclasp' *v.* (אינ-קלעספ') ארומנעהמען, איינשליסען.

incla'vated *a.* (אינ-קליי'-וויי-טעד) אריינגעזעצט; איינגעשלאסען.

inclem'ency *n.* (אינ-קלעמ'-ענ-סי) אונבארמהערציגקייט, שטרענגקייט, אונפריינדליכקייט; ווידערוויליגקייט, פאסקודנעקייט [וועגען וועטער].

inclem'ent *a.* (אינ-קלעמ'-ענט) 1. אונבארמהערציג, שטרענג, אונפריינדליך; 2. ווידערוויליג, פאסקודנע [וועגען וועטער].

2. The **inclement** weather kept me indoors.

incli'nable *a.* (אינ-קלאי'-נעבל) וואס מען קען נייגען; גענייגט צו עפעס.

incli'nableness *n.* (אינ-קלאי'-נעבל-נעס) גענייגטקייט; דאס זיין גענייגט צו עפעס.

inclina'tion *n.* (אינ-קלי-ניי'-שאן) נייגונג; אבבויגונג, אבווייכונג; א נייגונג אדער ווילען צו עפעס; אין געאמעטריע — די נייגונג פון צוויי ליניען, וועלכע זיינען געבויגען איינע צו דער אנדערער, זיך אימער מעהר צו דערנעהנטערען און זיך איבערשניידען אין זייער טרעפפונגס=פונקט; דער ווינקעל וואס א ליניע אדער פלעכע בילדעט מיט דעם האריזאנט; א גענייגטע אדער משופע'דיגע פלעכע.

incli'natory *a.* (אינ-קלאי'-נע-טא-רי) זיך נייגענד; אבווייכענד; וואס איז שייך צו דער אבנייגונג אדער אבווייכונג פון דער מאגנעטישער נאדעל [אין א קאמפאס].

incli'natory nee'dle (אינ-קלאי'-נע-טא-רי ניע'דל) ז. *dipping-needle*.

incline' *v. and n.* (אינ-קלאין') זיך נייגען; זיין גענייגט אדער האבען א ווילען צו עפעס; בריינגען צו עפעס; נייגען; ריכטען; פערבויגען זיך; אנווענדען, צואווענדען; א געבויגענער וועג [בארג ארויף אדער בארג אראב]; אן אנגעבויגענע, משופע'דיגע פלעכע.

incline'-car *n.* (אינ-קלאינ'-קאר) א וואגאן, ביי וועלכען די רעדער זיינען משופע'דיג בנוגע צו דער פלאטפארמע [ווערט געברויכט צו פיהרען משא און פאסאזשירען איבער א משופע'דיגען בארג].

inclined' plane (אינ-קלאינד' פליין) א משופע'דיגע פלעכע; א קורצע אייזענבאהן=ליניע, וועלכע איז שטארק משופע [די וואגאנען אויף אזא ליניע ווערען געצויגען בארג ארויף מיט א דראט=שטריק, וואס איז פערבונדען מיט א דאמפף=מאשין, וועלכע שטעהט אויף דעם שפיץ פון בארג].

inclinom'eter *n.* (אין-קלי-נאמ'-ע-טער) אן אפאראט צו בעשטימען די ריכטונג פון דער מאגנעטישער קראפט פון דער ערד אין בעצוג צום האריזאנט; אן אינסטרומענט צו מעסטען משופע'דינקייטען אדער נייגונגען.

inclois'ter *v.* (אין-קלאיס'-טער) איינשליסען אין א קלויסטער; איינשפארען.

inclose' *v.* (אין-קלאוז') איינשליסען; ארומרינגלען [ווי ארומצאמען א שטיק לאנד מיט א פארקאן].

inclo'sure *n.* (אין-קלאו'-זשור) דאס איינשליסען; דאס ארומצאמען א שטיק לאנד אלס פריוואט-אייגענטום; אן איינגעשלאסענער אדער פערצאמטער ארט; א בריעף אדער פאפיער וואס איז ארייגעלעגט מיט אן אנדער בריעף אין איין קאנווערט.

in cloth (אין קלאטה) איין געבונדען אין לייוועכד [ווענען ביכער].

incloud' *v.* (אין-קלאוד') בעדעקען מיט וואלקען.

include' *v.* (אין-קלוהד') אריינגעהמען, אריינגעהמען אין זיך, איינשליסען, ענטהאלטען, צורעכענען.

includ'ing *a.* (אין-קלוהד'-אינג) איינשליסענד; אויך אין כלל, צורעכנענדיג [צו די איבריגע]: ענטהאלטענד.

incluse' *a. and n.* (אין-קלוהס') איינגעשלאסען; אן איינגעמויערטער [א מאנאך וואס פלעגט אוים פרומקייט זיך לאזען איינמויערען].

inclu'sion *n.* (אין-קלוה'-זשאן) דאס איינשליסען אדער ענטהאלטען; דאס זיין איינגעשלאסען אדער ענטהאלטען; עפעס וואס געפינט זיך אלס בעשטאנד-טייל אדער איז איינגעשלאסען.

inclu'sive *a.* (אין-קלוה'-סיוו) איינשליסליך, איינגעשלאסען; אויך אין כלל; אריינגעהמענד, אריינגערעכענט.

inclu'sively *adv.* (אין-קלוה'-סיוו-לי) אויך אין כלל, אריינגעהמענדיג, אריינגערעכענט.

incoag'ulable *a.* (אין-קא-עג'-יו-לעבל) וואס קען ניט פערגליווערט ווערען.

incoag'ulative *a.* (אין-קא-עג'-יו-לע-טיוו) ז. *incoagulable*.

incoer'cible *a.* (אין-קא-איר'-סיבל) אונצווינגבאר, וואס מען קען ניט צווינגען; וואס מען קען ניט פערוואנדלען דורך דרוק אין א פליסיגקייט [ווענען גאזען].

incoexis'tence *n.* (אין-קאו-עג-זיס'-טענס) דאס ניט עקזיסטירען אין דערזעלבער צייט מיט עפעס אנדערש.

incog' *a.* (אין-קאג') ז. *incognito*.

inco'gent *a.* (אין-קאו'-דזשענט) אונדענקבאר, וואס לעגט זיך ניט אויף'ן שכל, ניט איבערצייגענד.

incogitabil'ity *n.* (אין-קאדזש-אי-טע-ביל'-אי-טי) אונדענקבארקייט, דאס ניט לעגען זיך אויף'ן שכל.

incog'itable *a.* (אין-קאדזש'-אי-טעבל) אונדענקבאר.

incog'itance *n.* (אין-קאדזש'-אי-טענס) געדאנקענלאזיגקייט; דאס ניט נאכדענקען; אונדענקבארקייט.

incog'itancy *n.* (אין-קאדזש'-אי-טענ-סי) ז. *incogitance*.

incog'itant *a.* (אין-קאדזש'-אי טענט) געדאנקענלאז, אהן געדאנקען; אהן נאכדענקען.

incog'itantly *adv.* (אין-קאדזש'-אי-טענט לי) אהן געדאנקען, אהן נאכדענקען.

incog'itative *a.* (אין-קאדזש'-אי-טע-טיוו) ניט דענקענד; אונפעהיג צו דענקען.

incog'nisable *a.* (אין-קאג'-ני-זעבל) ז. *incognizable*.

incog'nisance *n.* (אין-קאג'-ני-זענס) ז. *incognizance*.

incog'nita *a. and n.* (אין-קאג'-ני-טא) אינקאגניטא, פערשטעלט, אונטער א פרעמדען נאמען, אונבעקאנט [ווענען א פרוי]; אן אונבעקאנטע אדער פערשטעלטע פרוי, א פרוי אונטער א פרעמדען נאמען.

incog'nite *a.* (אין-קאג'-ניט) אינקאגניטא, אונבעקאנט, פערשטעלט, אונטער א פרעמדען נאמען.

incog'nito *a. and n.* (אין-קאג'-ני-טאו) אינקאגניטא, פערשטעלט, אונבעקאנט, אונטער א פרעמדען נאמען; דאס פערשטעלען זיך, דאס אננעהמען א פרעמדען נאמען; איינער וואס לעבט פערשטעלט, אונטער א פרעמדען נאמען.
The king is traveling incognito.

incognizabil'ity *n.* (אין-קאג-ני-זע-ביל'-אי-טי) אונערקענבארקייט, אונבעגרייפבארקייט, אונבעקאנטקייט, אונבעוואוסטקייט.

incog'nizable *a.* (אין-קאג'-ני-זעבל) אונערקענבאר, וואס מען קען ניט דערקענען, אונבעקאנט, אונבעגרייפבאר.

incog'nizance *n.* (אין-קאג'-ני-זענס) אונפעהיגקייט צו דערקענען אדער בעגרייפען.

incog'nizant *a.* (אין-קאג'-ני-זענט) ניט דערקענענד, ניט בעגרייפענד.

incognoscibil'ity *n.* (אין-קאג-נאס-אי-ביל'-אי-טי) ז. *incognizability*.

incognos'cible *a.* (אין-קאג-נאס'-איבל) ז. *incognizable*.

incoher'ence *n.* (אין-קא-היער'-ענס) מאנגעל אין צוזאמענהאנג, לויזקייט.

incoher'ency *n.* (אין-קא-היער'-ענ-סי) ז. *incoherence*.

incoher'ent *a.* (אין-קא-היער'-ענט) אהן צוזאמענהאנג, לויז, ניט פערבונדען.

incoher'ently *adv.* (אין-קא-היער'-ענט-לי) אהן צוזאמענהאנג, לויז, ניט צוזאמענגעבונדען.

incoher'entness *n.* (אין-קא-היער'-ענט-נעס) ז. *incoherence*.

incohe'sion *n.* (אין-קא-היע'-זשאן) ז. *incoherence*.

incohe'sive *a.* (אין-קא-היע'-סיוו) אהן צוזאמענהאנג.

incombustibil'ity *n.* (אין-קאמ-באס-טי-ביל'-אי-טי) אונפערברענליכקייט.

incombus'tible *a. and n.* (אין-קאמ-באס'-טיבל) אונפערברענליך, וואס קען ניט פערברענט ווערען; עטוואס וואס קען ניט פערברענט ווערען.

incombus'tibleness *n.* (אין-קאמ-באס'-טיבל-נעס) ז. *incombustibility*.

in'come *n.* (אינ'-קאם) איינקינפטע, הכנסה; דאס אריינקומען; אריינגאנג.

in'come du'ty (אינ'-קאם דיו'-טי) ז. *income tax*.

in'comer *n.* (אינ'-קאמ-ער) אן אנגעקומענער, אן אימיגראנט; א נאכפאלגער [אלס א שכן אדער בעאמטער]; אן איינוואהנער, וואס איז ניט קיין איינגעבארענער פון דעם לאנד; א פויגעל וואס פליהט צום יעגער צו.

in'come tax (אינ'-קאם טעקס) הכנסה-שטייער [א שטייער וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף הכנסות].

in'coming *a. and n.* (אינ'-קאמ-אינג) אריינקומענד אדער האלטענדיג ביים אריינקומען; דאס אריינקומען אדער אנקומען; איינקונפט, הכנסה.

in'comings *n.* (אינ'-קאמ-אינגז) איינקינפטע, הכנסות.

in commemora'tion (אין קא-מעמ-א-ריי'-שאן) צום אנדענקען.

in commen'dam (אין קא-מענ'-דעם) א קירכען-גוט אונטער דער אויפזיכט פון א צייטיגער פערזאן. ז. *commendam*.

incommensurabil'ity *n.* (אין-קא-מענ-שו-רע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען געמאסטען ווערען; דאס ניט האבען קיין געמיינשאפטליכע מאס.

incommen'surable *a. and n.* (אין-קא-מענ'-שו-רעבל) אונמעסטבאר, וואס קען ניט געמאסטען ווערען; וואס האט ניט קיין געמיינשאפטליכע מאס; אין אריפמעטיק — וואס האט ניט קיין געמיינשאפטליכען טיילער [ווענען צוויי אדער מעהרערע צאהלען וועלכע קענען ניט געטיילט ווערען דורך א געמיינשאפטליכער צאהל אויסער 1]; צוויי אדער מעהרערע צאהלען, וועלכע האבען ניט קיין געמיינשאפטליכען טיילער.

incommen'surableness *n.* (אין-קא-מענ'-שו-רעבל-נעס) ז. *incommensurability*.

incommen'surably *adv.* (אין-קא-מענ'-שו-רע-בלי) אויף אן אונמעסטבארען אופן.

incommen'surate *a.* (אין-קא-מענ'-שו-רייט) אונאויסמעסטבאר, וואס האט ניט קיין געמיינשאפטליכע מאס; אונפערהעלטניסמעסיג, ניט פראפארציאנעל, ניט ווערדיג.

incommen'surately *adv.* (אין-קא-מענ'-שו-רייט-לי) ניט פערהעלטניסמעסיג, ניט פראפארציאנעל, ניט ווערדיג.

incommen'surateness *n.* (אין-קא-מענ'-שו-רייט-נעס) דאס זיין ניט פערהעלטניסמעסיג אדער פראפארציאנעל.

incommis'cible *a.* (אין-קא-מיס'-איבל) אונפערמישבאר, וואס קען ניט ווערען צוזאמענגעמישט.

incommoda'tion *n.* (אין-קאמ-א-דיי'-שאן) אונבעקוועמליכקייט; בעלעסטיגונג.

incommode' *v.* (אין-קא-מאוד') פערורזאכען אונבעקוועמליכקייטען; בעלעסטיגען.

incommo'dious *a.* (אין-קא-מאו'-די-אס) לעסטיג; אונבעקוועם.

incommo'diously *adv.* (אין-קא-מאו'-די-אס-לי) מיט בעלעסטיגונג; אונבעקוועם.

incommo'diousness *n.* (אין-קא-מאו'-די-אס-נעס) אונבעקוועמליכקייט, לעסטיגקייט.

incommod'ity *n.* (אין-קא-מאד'-אי-טי) עטוואס וואס פערארזאכט אונבעקוועמליכקייט; לעסטיגקייט, אונבעקוועמליכקייט.

incommunicabil'ity *n.* (אין-קא-מיו-ני-קע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען מיטגעטיילט אדער דערצעהלט ווערען.

incommu'nicable *a.* (אין-קא-מיו'-ני-קעבל) וואס קען ניט מיטגעטיילט אדער דערצעהלט ווערען.

incommu'nicableness *n.* (אין-קא-מיו'-ני-קעבל נעס) ז. *incommunicability*.

incommu'nicably *adv.* (אין-קא-מיו'-ני-קע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט מיטגעטיילט אדער דערצעהלט ווערען.

incommu'nicative *a.* (אין-קא-מיו'-

ני-קע-טיוו) וואס איז ניט גענייגט מיטצוטיילען אדער צו דערצעהלען; צוריקגעהאלטען.

incommu'nicatively *adv.* (אין-קא-מיו'-ני-קע-טיוו-לי) ניט מיטטיילענדיג אדער ניט דערצעהלענדיג; אויף א צוריקגעהאלטענעם אופן.

incommu'nicativeness *n.* (אין-קא-מיו'-ני-קע-טיוו-נעס) דאס זיין צוריקגעהאלטען, דאס זיין ניט רעדעוודיג.

incommutabil'ity *n.* (אין-קא-מיו-טע-ביל'-אי-טי) אונפערענדערליכקייט; דאס ניט קענען פערביטען ווערען.

incommu'table *a.* (אין-קא-מיו'-טעבל) אונפערענדערליך; וואס קען ניט פערביטען ווערען.

incommu'tableness *n.* (אין-קא-מיו'-טעבל-נעס) ז. *incommutability*

incommu'tably *adv.* (אין-קא-מיו'-טע-בלי) אונפערענדערליך; ניט ווערענדיג פערביטען.

incompact' *a.* (אין-קאם-פעקט') ניט פעסט, ניט קאמפאקט, ניט געדיכט; ניט שטארק צוזאמען.

incompac'ted *a.* (אין-קאם-פעק'-טעד) ז. *incompact*

incomparabil'ity *n.* (אין-קאם-פע-רע-ביל'-אי-טי) אונפערגלייכליכקייט.

incom'parable *a.* (אין-קאם'-פע-רעבל) אונפערגלייכליך.

incom'parableness *n.* (אין-קאם'-פע-רעבל-נעס) אונפערגלייכליכקייט; דאס זיין אונפערגלייכליך.

incom'parably *adv.* (אין-קאם'-פע-רע-בלי) אויף אן אונפערגלייכליכען אופן; אהן א גלייכען.

incompas'sionate *a.* (אין-קאם-פעש'-אנ-אייט) מיטליידסלאז, אהן רחמנות, אהן געפיהל.

incompas'sionately *adv.* (אין-קאם-פעש'-אנ-אייט-לי) אונ'ברחמנות'דיג; מיט אונבארמהערציגקייט; אהן מיטלייד, אהן געפיהל.

incompas'sionateness *n.* (אין-קאם-פעש'-אנ-אייט-נעס) אונבארמהערציגקייט; געפיהללאזיגקייט.

incompatibil'ity *n.* (אין-קאם-פעט-אי-ביל'-אי-טי) 1. אונפעראייגבארקייט; אונפערטרעגליכקייט; דאס ניט קענען הויזען אדער זיך פערטראגען; 2. אונמישבארקייט [וועגען שטאפען וואס פעראייניגען זיך ניט כעמיש].

1. The court granted her a divorce on the ground of **incompatability** of temper.

incompat'ible *a.* (אין-קאם-פעט'-איבל) אונפערטרעגליך; וואס קען זיך ניט פערטראגען; וואס קענען ניט הויזען; אונפעראייגבאר; אונמישבאר, וואס רעאגירען ניט איינער אויף דעם אנדערען [וועגען שטאפען וואס פעראייניגען זיך ניט כעמיש].

incompat'ibleness *n.* (אין-קאם-פעט'-איבל-נעס) ז. *incompatibility*

incompat'ibles *n.* (אין-קאם-פעט'-איבלז) פערזאנען אדער זאכען וואס קענען ניט פעראייניגט ווערען.

incompat'ibly *adv.* (אין-קאם-פעט'-אי-בלי) אויף אן אונפעראייגבארען אדער אונפערטרעגליכען אופן.

incom'petence *n.* (אין-קאם'-פי-טענס) אונקאמפעטענץ, אונפעהיגקייט, אונטיכטיגקייט; אונבערעכטיגטקייט.

incom'petency *n.* (אין-קאם'-פי-טענ-סי) ז. *incompetence*

incom'petent *a. and n.* (אין-קאם'-פי-טענט) אונקאמפעטענט, אונפעהיג, אונטיכטיג; ניט בערעכטיגט; אן אונקאמפעטענטע פערזאן.

incom'petently *adv.* (אין-קאם'-פי-טענט-לי) אויף אן אונקאמפעטענטען אופן; מיט אונפעהיגקייט.

incomplete' *a.* (אין-קאם-פליט') אונפאלשטענדיג; מאנגעלהאפט; ניט פערענדיגט.

incomplete'ly *adv.* (אין-קאם-פליט'-לי) אויף אן אונפאלשטענדיגען אדער מאנגעלהאפטען אופן; ניט פערענדיגטערהייד.

incomplete'ness *n.* (אין-קאם-פליט'-נעס) אונפאלשטענדיגקייט; אונפאלקאמענהייט; מאנגעלהאפטיגקייט.

incomple'tion *n.* (אין-קאם-פלי'-שאן) ז. *incompleteness*

incom'plex *a.* (אין-קאם'-פלעקס) ניט קאמפליצירט, ניט פערוויקעלט, ניט צוזאמענגעזעצט; איינפאך.

incom'plexly *adv.* (אין-קאם'-פלעקס-לי) אויף א ניט קאמפליצירטען אופן; ניט פערוויקעלט, ניט צוזאמענגעזעצט.

incompli'ance *n.* (אין-קאם-פלאי'-ענס) אונגעפעליגקייט [אונפערטיגקייט צו טהאן דעם צווייטענס פערלאנג].

in compli'ance (אין קאם-פלאי'-ענס) אין איינקלאנג; לויט.

In compliance with his request the package was sent to him by express.

incompli'ant *a.* (אין-קאם-פלאי'-ענט) אונגעפעליג [ניט פערטיג צו טהאן דעם צווייטענס רצון]; ניט נאכגיביג.

incompli'antly *adv.* (אין-קאם-פלאי'-ענט-לי) אונגעפעליג, אהן בערייטקייט צו טהאן דעם צווייטענס רצון, ניט נאכגיביג.

incompos'ite *a.* (אין-קאם-פאז'-איט) ניט צוזאמענגעזעצט; איינפאך.

incompos'ite num'bers (אין-קאם-פאז'-איט נאמ'-בערז) פרים-צאהלען [צאהלען וועלכע ווערען געטיילט נור דורך זיך אליין אדער דורך דער צאהל 1, ווי די צאהלען 1, 2, 3, 5, 7, 11, 13 א. ז.וו.].

incomprehensibil'ity *n.* (אין-קאם-פרי-הענ-סי-ביל'-אי-טי) אונבעגרייפליכקייט.

incomprehen'sible *a. and n.* (אין-קאם-פרי-הענ'-סיבל) אונבעגרייפליך; אן אונבעגרייפליכע זאך.

American political methods are often **incomprehensible** to foreigners.

incomprehen'sibleness *n.* (אין-קאם-פרי-הענ'-סיבל-נעס) ז. *incomprehensibility*

incomprehen'sibly *adv.* (אין-קאם-פרי-הענ'-סי-בלי) אויף אן אונבעגרייפליכען אופן.

incomprehen'sion *n.* (אין-קאם-פרי-הענ'-שאן) מאנגעל אין בעגרייפונגסקראפט; אונפערשטענדיגקייט.

incomprehen'sive *a.* (אין-קאם-פרי-הענ'-סיוו) ניט אומפאסענד; בעשרענקט.

incomprehen'sively *adv.* (אין-קאם-פרי-הענ'-סיוו-לי) ניט אומפאסענדיג; בעשרענקט.

incomprehen'siveness *n.* (אין-קאם-פרי-הענ'-סיוו-נעס) בעשרענקטקייט; דאס זיין בעשרענקט אדער ניט אומפאסענד.

incompressibil'ity *n.* (אין-קאם-פרעס-אי-ביל'-אי-טי) אונצוזאמענדריקבארקייט; דאס ניט קענען צונויפגעדריקט אדער צונויפגעפרעסט ווערען.

incompress'ible *a.* (אין-קאם-פרעס'-איבל) ניט צוזאמענדריקבאר, וואס מען קען ניט צונויפפרעסען.

incompress'ibleness *n.* (אין-קאם-פרעס'-איבל-נעס) ז. *incompressibility*

incompu'table *a.* (אין-קאם-פיו'-טעבל) וואס מען קען ניט צוזאמענרעכנען.

inconcea'lable *a.* (אין-קאן-סיע'-לעבל) וואס קען ניט בעהאלטען אדער פערבארגען ווערען.

inconceivabil'ity *n.* (אין-קאן-סיעוו-ע-ביל'-אי-טי) אונבעגרייפליכקייט.

inconceiv'able *a.* (אין-קאן-סיעוו'-עבל) אונבעגרייפליך.

inconceiv'ableness *n.* (אין-קאן-סיעוו'-עבל-נעס) דאס זיין אונבעגרייפליך.

inconceiv'ably *adv.* (אין-קאן-סיעוו'-ע-בלי) אויף אן אונבעגרייפליכען אופן.

inconcin'nity *n.* (אין-קאן-סינ'-אי-טי) אונאיבעראיינשטימונג; אונצופאסיגקייט.

inconclu'sive *a.* (אין-קאן-קלו'-סיוו) ניט איבערצייגענד; ניט בעשטימענד; ניט ווירקזאם; וואס פיהרט ניט צו קיין בעשטימטען רעזולטאט.

inconclu'sively *adv.* (אין-קאן-קלו'-סיוו-לי) אויף א ניט איבערצייגענדען אופן.

inconclu'siveness *n.* (אין-קאן-קלו'-סיוו-נעס) דאס זיין ניט איבערצייגענד; דאס ניט פיהרען צו קיין בעשטימטען רעזולטאט.

inconcus'sible *a.* (אין-קאן-קאס'-איבל) אונערשיטערליך; וואס קען ניט געריהרט ווערען פון ארט.

incondensabil'ity *n.* (אין-קאן-דענ-סע-ביל'-אי-טי) אונפעהיגקייט צו ווערען צוזאמענגעפרעסט אדער געדיכט.

inconden'sable *a.* (אין-קאן-דענ'-סעבל) וואס קען ניט צוזאמענגעפרעסט ווערען, וואס קען ניט געמאכט ווערען געדיכט.

inconden'sible *a.* (אין-קאן-דענ'-סיבל) ז. *incondensable*

incondensibil'ity *n.* (אין-קאן-דענ-סי-ביל'-אי-טי) ז. *incondensability*

incon'dite *a.* (אין-קאנ'-דיט) שלעכט געבויט, שלעכט פארמירט, ניט געשליפען, גראב.

in condi'tion (אין קאן-דיש'-אן) אין [גוטען] צושטאנד אדער לאגע.

The athlete is now **in condition** to enter the race.

in confor'mity (אין קאן-פאר'-מי-טי) וועדליג, לויט, אין איינקלאנג מיט...; אום נאכצוקומען עפעס.

inconfor'mity *n.* (אין-קאן-פאר'-מי-טי) ניט צוגעפאסטקייט, דאס ניט זיין אין איינקלאנג אדער איינשטימונג.

inconfu'table *a.* (אין-קאן-פיו'-טעבל) אונבעשטרייטבאר, וואס מען קען ניט בעווייזען אז עס איז ניט ריכטיג.

inconfu'tably *adv.* (אין-קאן-פיו'-טע-בלי) אויף אן אונבעשטרייטבארען אופן.

incongea'lable *a.* (אין-קאן-דזשיע'-לעבל) וואס קען ניט פערקיהלט, געפרארען אדער פערגליווערט ווערען.

incongea'lableness *n.* (אין-קאן-דזשיע'-לעבל-נעס) אונפעהיגקייט צו ווערען פערקיהלט, געפרארען אדער פערגליווערט.

inconge'nial *a.* (אין-קאן-דזשי'-ני-על) ניט עהנליך, ניט צוגעפאסט, ניט גלייך, ניט פערוואנדט.

incongenial'ity *n.* (אין-קאן-דזשי-ני-על'-אי-טי) אונעהנליכקייט, ניט צוגעפאסטקייט, דאס זיין ניט פערוואנדט.

incon'gruence *n.* (אינ-קאנ'-גרו-ענס) ז. *incongruity*.

incon'gruent *a.* (אינ-קאנ'-גרו-ענט) ז. *incongruous*.

incongru'ity *n.* (אינ-קאנ-גרו'-אי-טי) אונשיקליכקייט, ניט־קלעפיגקייט, ניט־פאסיגקייט; אונהארמאניע; דאס זיין אהן צוזאמענהאנג, דאס זיין ניט פערבונדען [וועגען טיילען פון עפעס].

incongru'ity of speech (אינ-קאנ-גרו'-אי-טי אוו ספיעטש) דאס ריידען אהן א צוזאמענהאנג, דאס ניט קלעפען זיך א ווארט צו א ווארט [אין ריידען].

incon'gruous *a.* (אינ-קאנ'-גרו-אס) אונשיקליך, ניט־קלעפיג, ניט צוזאמענגעפאסט, ניט פעראייניגט [וועגען טיילען פון עפעס], ניט הארמאנירענד.

incon'gruously *adv.* (אינ-קאנ'-גרו-אס-לי) אויף אן אונגעשיקטען, ניט צוזאמענגעפאסטען אדער ניט הארמאנישען שטייגער; אהן צוזאמענהאנג, ניט צוזאמענגעבונדען.

incon'gruousness *n.* (אינ-קאנ'-גרו-אס-נעס) ז. *incongruity*.

inconnec'tion *n.* (אינ-קא-נעק'-שאן) אונפערבונדענקייט, אונפעראייניגטקייט.

inconnex'ion *n.* (אינ-קא-נעק'-שאן) ז. *inconnection*.

incon'scient *a.* (אינ-קאנ'-שיענט) אונבעוואוסטזיניג.

incon'scious *a.* (אינ-קאנ'-שאס) ז. *inconscient*.

inconsec'utive *a.* (אינ-קאנ-סעק'-יו-טיוו) וואס פאלגט ניט אין דער ריכטיגער ארדנונג, אונפעראייניגט.

inconsec'utiveness *n.* (אינ-קאנ-סעק'-יו-טיוו-נעס) דאס ניט פאלגען אין דער ריכטיגער ארדנונג.

incon'sequence *n.* (אינ-קאנ'-סי-קהוועגס) דאס זיין ניט קאנזעקוועגט, אויסגעהאלטען אדער לאגיש; עטוואס וואס איז ניט קאנזעקוועגט, ניט אויסגעהאלטען אדער ניט לאגיש.

in con'sequence of (אין קאנ'-סי-קהוועגס אוו) אלס א רעזולטאט פון...; דורך...

incon'sequent *a.* (אינ-קאנ'-סי-קהוועגט) ניט קאנזעקוועגט, ניט אויסגעהאלטען, ניט לאגיש.

inconsequen'tial *a.* (אינ-קאנ-סי-קהוועג'-שעל) ניט קאנזעקוועגט, ניט אויסגעהאלטען, ניט לאגיש; ניט וויכטיג, וואס האט ניט קיין ווערטה.

inconsequential'ity *n.* (אינ-קאנ-סי-קהוועג-שי-על'-אי-טי) דאס זיין ניט קאנזעקוועגט, ניט אויסגעהאלטען אדער אונלאגיש; עטוואס וואס איז ניט קאנזעקוועגט אדער ניט לאגיש; עטוואס וואס איז ניט וויכטיג אדער וואס האט ניט קיין ווערטה.

inconsequen'tially *adv.* (אינ-קאנ-סי-קהוועג'-שעל-אי) ז. *inconsequently*.

incon'sequently *adv.* (אינ-קאנ'-סי-קהוועגט-לי) אויף א ניט קאנזעקוועגטען, ניט אויסגעהאלטענעם אדער אונלאגישען שטייגער.

incon'sequentness *n.* (אינ-קאנ'-סי-קהוועגט-נעס) ז. *inconsequence*.

inconsid'erable *a.* (אינ-קאנ-סיד'-ער-עבל) אונבעדייטענד, אונוויכטיג.

inconsid'erableness *n.* (אינ-קאנ-סיד'-ער-עבל-נעס) אונוויכטיגקייט; דאס זיין אונבעדייטענד.

inconsid'erably *adv.* (אינ-קאנ-סיד'-ער-ע-בלי) אונבעדייטענד, אונוויכטיג, זעהר וועניג, זעהר קליין.

inconsid'erate *a.* (אינ-קאנ-סיד'-ער-אייט) ניט בעטראכט, אונאיבערלעגט, נאכלעסיג, אונפארזיכטיג.

inconsid'erately *adv.* (אינ-קאנ-סיד'-ער-אייט-לי) אונבעטראכט, אהן איבערלעגונג, נאכלעסיג, אונפארזיכטיג.

inconsid'erateness *n.* (אינ-קאנ-סיד'-ער-אייט-נעס) אונבעדאכטזאמקייט, אונאיבערלעגטקייט, נאכלעסיגקייט, אונפארזיכטיגקייט.

inconsidera'tion *n.* (אינ-קאנ-סיד-ע-ריי'-שאן) אונבעטראכטקייט, אונאיבערלעגטקייט, נאכלעסיגקייט, אונפארזיכטיגקייט; עטוואס וואס ווערט געטהאן אהן איבערלעגונג און ניט נעהמענדיג אין אנבעטראכט קיין זאך.

in considera'tion of (אין קאנ-סיד-ע-ריי'-שאן אוו) אין אנבעטראכט..., נעהמענדיג אין אנבעטראכט.

inconsis'tence *n.* (אינ-קאנ-סיס'-טענס) ז. *inconsistency*.

inconsis'tency *n.* (אינ-קאנ-סיס'-טענ-סי) אונאיינשטימיגקייט, אונפעראייגבארקייט; דאס זיין ניט קאנזעקוועגט, ניט אויסגעהאלטען אדער ניט אין איינקלאנג; אונבעשטענדיגקייט, פערענדערליכקייט.

inconsis'tent *n.* (אינ-קאנ-סיס'-טענט) אונאיינשטימיג, ניט אין איינקלאנג, ניט אויסגעהאלטען, ניט קאנזעקוועגט; אונבעשטענדיג, פערענדערליך.

inconsis'tently *adv.* (אינ-קאנ-סיס'-טענט-לי) ניט איינשטימיג, ניט אין איינקלאנג, אויף א ניט קאנזעקוועגטען אדער ניט אויסגעהאלטענעם שטייגער; אויף אן אונבעשטענדיגען אדער פערענדערליכען אופן.

inconso'lable *a.* (אינ-קאנ-סאו'-לעבל) אונטרייסטבאר, וואס קען זיך ניט טרייסטען.

inconso'lableness *n.* (אינ-קאנ-סאו'-לעבל-נעס) אונטרייסטבארקייט.

inconso'lably *adv.* (אינ-קאנ-סאו'-לע-בלי) אהן טרייסט, אונטרייסטבאר.

incon'sonance *n.* (אינ-קאנ'-סא-נענס) דאס זיין ניט אין איינקלאנג, אין ווידערשפרוך, אונאיינשטימיג אדער ניט הארמאנירענד.

incon'sonancy *n.* (אינ-קאנ'-סא-נענ-סי) ז. *inconsonance*.

incon'sonant *a.* (אינ-קאנ'-סא-נענט) ניט איבעראיינשטימענד, ווידערשפרעכענד, ניט הארמאנירענד.

incon'sonantly *adv.* (אינ-קאנ'-סא-נענט-לי) אונאיינשטימענד, ניט הארמאנירענד, ווידערשפרעכענד.

inconspic'uous *a.* (אינ-קאנ-ספיק'-יו-אס) אונבעמערקליך, וואס קען ניט בעמערקט ווערען.

inconspic'uously *adv.* (אינ-קאנ-ספיק'-יו-אס-לי) אויף אן אונבעמערקליכען אופן.

inconspic'uousness *n.* (אינ-קאנ-ספיק'-יו-אס-נעס) אונבעמערקבארקייט.

incon'stancy *n.* (אינ-קאנ'-סטענ-סי) אונבעשטענדיגקייט; פערענדערליכקייט; אונגלייכהייט, פערשיעדענהייט.

incon'stant *a.* (אינ-קאנ'-סטענט) אונבעשטענדיג; פערענדערליך.

incon'stantly *adv.* (אינ-קאנ'-סטענט-לי) מיט אונבעשטענדיגקייט; פערענדערליך.

inconstruc'tible *a.* (אינ-קאנ-סטראק'-טיבל) וואס קען ניט קאנסטרואירט ווערען.

inconsu'mable *a.* (אינ-קאנ-סיו'-מעבל) אונפערצעהרבאר, וואס קען ניט פערצעהרט ווערען; אונפערברענבאר.

inconsu'mably *adv.* (אינ-קאנ-סיו'-מע-בלי) אזוי אז מען זאל עס ניט קענען פערצעהרען אדער פערברענען.

inconsum'mate *a.* (אינ-קאנ-סאמ'-אייט) אונפערענדיגט, אונפאלקאמען.

inconsum'mateness *n.* (אינ-קאנ-סאמ'-אייט-נעס) דאס זיין אונפאלקאמען אדער ניט פערענדיגט.

incontam'inate *a.* (אינ-קאנ-טעמ'-אי-נייט) אונבעפלעקט; ריין.

incontam'inateness *n.* (אינ-קאנ-טעמ'-אי-נייט-נעס) אונבעפלעקטקייט; ריינקייט.

incontestabil'ity *n.* (אינ-קאנ-טעס-טע-ביל'-אי-טי) אונבעשטרייטבארקייט.

incontes'table *a.* (אינ-קאנ-טעס'-טעבל) אונבעשטרייטבאר, וואס איז ניט צו בעשטרייטען; זיכער, אהן צווייפעל.

incontes'tableness *n.* (אינ-קאנ-טעס'-טעבל-נעס) אונבעשטרייטבארקייט.

incontes'tably *adv.* (אינ-קאנ-טעס'-טע-בלי) אויף אן אונבעשטרייטבארען אופן.

incontig'uous *a.* (אינ-קאנ-טיג'-יו-אס) וואס בעריהרט ניט; וואס איז אבגעזונדערט.

incontig'uously *adv.* (אינ-קאנ-טיג'-יו-אס-לי) ניט בעריהרענדיג, אבגעזונדערט.

incon'tinence *n.* (אינ-קאנ'-טי-נענס) ניט איינגעהאלטענקייט; ניט איינגעהאלטענקייט אין עסען, אין געשלעכטס־לעבען א. ד. ג.; אין מעדיצין — די אונפעהיגקייט פון געוויסע ארגאנען צוריקצוהאלטען די נאטירליכע אבזונדערונגען [ווי אורין א. ד. ג.].

incon'tinency *n.* (אינ-קאנ'-טי-נענ-סי) ז. *incontinence*.

incon'tinent *a. and n.* (אינ-קאנ'-טי-נענט) ניט איינגעהאלטען; אונמעסיג אדער ניט איינגעהאלטען אין עסען, טרינקען, געשלעכטס־לעבען א. ד. ג.; אין מעדיצין — וואס האט ניט די פעהיגקייט צוריקצוהאלטען די נאטירליכע אבזונדערונגען [וועגען געוויסע ארגאנען פון קערפער]; א ניט־איינגעהאלטענער.

incon'tinently *adv.* (אינ-קאנ'-טי-נענט-לי) אויף א ניט איינגעהאלטענעם אופן; אהן איינגעהאלטענקייט אין געשלעכטס־לעבען, אין עסען, טרינקען א. ד. ג; אהן צוריקהאלטונג; ניט אבלעגענדיג; באלד.

incontrol'lable *a.* (אינ-קאנ-טראו'-לעבל) אונקאנטראלירבאר, וואס קען ניט קאנטראלירט ווערען.

incontrovertibil'ity *n.* (אינ-קאנ-טרא-וואיר-טי-ביל'-אי-טי) אונבעשטרייטבארקייט.

incontrover'tible *a.* (אינ-קאנ-טרא-וואיר'-טיבל) אונבעשטרייטבאר, אונווידערשפרעכליך.

incontrover'tibly *adv.* (אינ-קאנ-טרא-וואיר'-טי-בלי) אויף אן אונבעשטרייטבארען אופן.

inconve'nience *n. and v.* (אינ-קאנ-ווי'-ניענס) אונבעקוועמליכקייט, לעסטיגקייט; אונאנגענעהמליכקייט; מאכען אונבעקוועם, בעלעסטיגען; שטעלען אין פערלעגענהייט.

inconve'nient *a.* (אינ-קאנ-ווי'-ניענט) אונבעקוועם; לעסטיג; בעשווערליך; הינדערליך.

inconve'niently *adv.* (אינ-קאנ-ווי'-ניענט-לי) אויף אן אונבעקוועמען אופן; אויף א בעשווערליכען אדער הינדערליכען אופן.

inconver'sable *a.* (אינ-קאנ-וואיר'-סעבל) ניט ריידעוודיג, ניט געזעלשאפטליך; צוריקגעהאלטען.

incon'versant *a.* (אינ-קאנ'-וואיר-סענט) וואס איז ניט בעקאנט מיט...

inconvertibil'ity *n.* (אינ-קאנ-וואיר-טי-ביל'-אי-טי) אונפערוואנדעלבארקייט; אונפערענדערליכקייט; דאס ניט קענען פערביטען אדער אויסגעביטען ווערען אויף עטוואס אנדערש.

inconver'tible *a.* (אינ-קאנ-וואיר'-טיבל) וואס קען ניט פערוואנדעלט ווערען; אונפערענדערליך; וואס קען ניט אויסגעביטען ווערען אויף עטוואס אנדערש.

inconver'tibleness *n.* (אינ-קאנ-וואיר'-טיבל-נעס) ז. *inconvertibility*

inconver'tibly *adv.* (אינ-קאנ-וואיר'-טי-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט פערוואנדעלט אדער פערענדערט ווערען.

inconvin'cible *a.* (אינ-קאנ-ווינ'-סיבל) וואס קען ניט איבערצייגט ווערען.

inconvin'cibly *adv.* (אינ-קאנ-ווינ'-סי-בלי) ניט לאזענדיג זיך איבערצייגען.

incor'porable *a.* (אינ-קאהר'-פא-רעבל) וואס קען אינקארפארירט ווערען, וואס קען פעראייניגט אדער פערבונדען ווערען.

indue' *v.* (אינ-דיו') בעזארגען; בעקליידען, אנטהאן.

in due course (אין דיו קאורס) אין פערלויף פון צייט, אין דעם משך פון צייט; אין דער אנגעגעבענער ריכטונג.

in due form (אין דיו פארם) אין דער ריכטיגער פארם, ווי עס דארף צו זיין.

indulge' *v.* (אינ-דאלדזש') זיך נאכגעבען, זיך אבגעבען; זיך אריינלאזען; בעגינסטיגען, צערטליך בעהאנדלען; נאכגעבען [אימעצען וואס ער וויל].

Parents very often foolishly **indulge** their children.

indul'gence *n.* (אינ-דאל'-דזשענס) דאס נאכגעבען; דאס אריינלאזען זיך; דאס אבגעבען זיך; א גינסטיגע אדער צערטליכע בעהאנדלונג; דאס נאכגעבען [אימעצען וואס ער פערלאנגט]; א פריינדליכע פערלענגערונג פון א צאהלונגס-טערמין פון א שולד; אינדולגענציע [א זינד-פערגעבונג, אין דער קאטוילישער רעליגיאן].

indul'gent *a.* (אינ-דאל'-דזשענט) שוינענד; זעהר צערטליך אדער מילד; בעגינסטיגענד אדער בעפריעדיגענד אימעצענס פערלאנגען, נאכגעבענד; וואס גיט זיך נאך אין אלץ; וואס גיט זיך איבער.

indulgen'tial *a.* (אינ-דאל-דזשענ'-שעל) וואס איז שייך צו זינד-פערגעבונג [אין דער קאטוילישער רעליגיאן].

indul'gently *adv.* (אינ-דאל'-דזשענט-לי) אויף א זעהר צערטליכען אדער מילדען אופן; בעגינסטיגענדיג אדער בעפריעדיגענדיג אימעצענס פערלאנגען, נאכגעבענד; זיך נאכגעבענדיג אין אלץ; זיך איבערגעבענדיג.

indul'ger *n.* (אינ-דאל'-דזשער) איינער וואס גיט זיך נאך אין אלץ; איינער וואס גיט נאך אימעצענס פערלאנגען.

indult' *n.* (אינ-דאלט') אן ערלויבניס פון פאפסט; א פריווילעגיע געגעבען פון פאפסט; אן אבצאהל וואס מען פלעגט אמאל צאהלען אין שפאניען צום קעניג פאר אריינגעפיהרטע זאכען פון אמעריקא.

indumen'tum *n.* (אינ-דיו-מענ'-טאם) די פעדערען-בעדעקונג פון פויגלען; א האריגע בעדעקונג פון פלאנצען.

indur'able *a.* (אינ-דיור'-עבל) ניט דויערהאפט, וואס האלט ניט לאנג.

in'durate *v.* (אינ'-דיו-רייט) הארט ווערען; הארט מאכען; פערהארטעווען.

indura'tion *n.* (אינ-דיו-ריי'-שאן) די הארט-ווערונג; די הארט-מאכונג; דאס פערהארטעווען; א פערהארטעוועטער טייל; א פערהארטונג; הארטקייט; געפיהללאזיגקייט.

in'durative *a.* (אינ'-דיו-ריי-טיוו) וואס פערהארטעוועט; פערהארטעווענדיג.

indu'sial *a.* (אינ-דיו'-זשי-על) וואס בעשטעהט פון פערשטיינערטע הייטלעך פון אינזעקטען-לארוועז.

indu'sial lime'stone (אינ-דיו'-זשי-על לאימ'-סטאון) א געוויסער וואסער-קאלכשטיין פון אן אלטער געאלאגישער פעריאדע, וועגען וועלכען מען נעהמט אן, אז ער בעשטעהט פון די פערשטיינערטע הייטלעך פון אינזעקטען-לארוועז.

indu'sium *n.* (אינ-דיו'-זשי-אם) אין באטאניק — דאס אויבערשטע הייטעל, מיט וועלכען עס זיינען בעצויגען די זאמען פון פארנקרויט אדער פאפאראטניק; דאס האריגע דעקעל, וואס בעדעקט די נארבע אדער די אויבערשטע עפנונג פון א בלום; דאס שיידעל, אין וועלכען עס האלט זיך די לארווע פון אן אינזעקט; אין אנאטאמיע — דאס הייטעל, אין וועלכען עס האלט זיך דער עמבריאן אדער וולד.

indus'trial *a. and n.* (אינ-דאס'-טרי-על) אינדוסטריעל; וואס איז שייך צו אינדוסטריע אדער געווערב; א האנד-ארבייטער.

indus'trialism *n.* (אינ-דאס'-טרי-על-איזם) אינדוסטריאליזם, א שטארקע איבערגעגעבענהייט צו די אינטערעסען פון אינדוסטריע און האנדעל; אינדוסטריעלע טהעטיגקייט; פראדוקטיווע ארבייט, מלאכות; דער פרינציפ, אז די ארבייטער דארפען זיין ארגאניזירט אין יוניאנס [געווערקשאפטען] ניט לויט די איינצעלנע פאכען פון דער אינדוסטריע, אין וועלכער זיי זיינען בעשעפטיגט, נאר אין איין ארגאניזאציאן פון דער גאנצער אינדוסטריע.

indus'trialist *n.* (אינ-דאס'-טרי-על-איסט) אינדוסטריאליסט, איינער וואס איז שטארק איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון אינדוסטריע און האנדעל; אן אנהענגער פון דעם אינדוסטריעלען ארגאניזאציאנס-פרינציפ. ז. *industrialism*

indus'trialize *v.* (אינ-דאס'-טרי-על-איז) דורכדרינגען אדער זיין דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון אינדוסטריאליזם. ז. *industrialism*

indus'trially *adv.* (אינ-דאס'-טרי-על-אי) לויט דער אינטערעסע פון דער אינדוסטריע.

indus'trial school (אינ-דאס'-טרי-על סקוהל) א שוהל וואו מען לערענט פערשיעדענע צווייגען פון אינדוסטריע; א שוהל וואו מען לערענט ארימע אדער צולאזענע קינדער פערשיעדענע מלאכות.

Indus'trial Wor'kers of the World (אינ-דאס'-טרי-על הוואר'-קערז אוו טהי הווארלד) אן אמעריקאנישע רעוואלוציאנערע ארבייטער-ארגאניזאציאן, וואס איינער פון איהרע הויפט פרינציפען איז דער אינדוסטריאליזם. ז. *industrialism*

indus'trious *a.* (אינ-דאס'-טרי-אס) ארבייטזאם; פלייסיג.

indus'triously *adv.* (אינ-דאס'-טרי-אס-לי) אויף אַ ארבייטזאמער, פלייסיגער ארט.

indus'triousness *n.* (אינ-דאס'-טרי-אס נעס) ארבייטזאמקייט, פלייסיגקייט.

in'dustry *n.* (אינ'-דאס-טרי) ארבייט־זאמקייט; פלייס; אינדוסטריע, בעטריב־זאמקייט.

indu'viæ *n.* (אינ-דיו'-ווי-איע) אין באַ־טאניק — די פערוועלקטע בלעטער, וואס בלייבען אויף'ן שטאם פון געוויסע פלאנ־צען און פאלען ניט אראב.

indwell' *v.* (אינ-דהוועל') וואהנען אדער געפינען זיך שטענדיג אינווייניג; זיין שטענדיג אין גייסט, אין דער מענש־ליכער נשמה [ווי אַ געוויסע אידעע אדער געפיהל].

in'dweller *n.* (אינ'-דהוועל-ער) אַ בע־וואהנער, איינער וואס וואהנט אין אַ גע־וויסען פלאץ.

in'dwelling *a. and n.* (אינ'-דהוועל-אינג) וואס געפינט זיך אינווייניג, אין גייסט אדער אין דער מענשליכער נשמה; הערצליך; אַן אינערליך, הערצליך געפיהל אדער אידעע.

inearth' *v.* (אינ-אוירטה') בעערדיגען.

ine'briacy *n.* (אינ-אי'-ברי-ע-סי) דאס שכור'ען; דאס זיין צוגעוועהנט צו שכרות.

ine'briant *a. and n.* (אינ-אי'-ברי-ענט) וואס בערוישט אדער מאכט שכור; עפעס וואס שכור'ט אַן.

ine'briate *v.* (אינ-אי'-ברי-אייט) בע־רוישען, שכור מאכען; זיך אנ'שכור'ען, זיך בערוישען, זיין פער'שכור'ט [ווי מיט אַ געוויסער אידעע אדער געפיהל]; בע־רוישט, פער'שכור'ט; אַ שכור, אַ פיאניצע.

inebria'tion *n.* (אינ-אי-ברי-איי'-שאן) בעטרונקענהייט, שכרות; דאס זיין בע־רוישט אדער פער'שכור'ט מיט אַ געוויס־סער אידעע אדער געפיהל.

inebri'ety *n.* (אינ-אי-בראי'-ע-טי) ז. *inebriation*.

ine'brious *a.* (אינ-אי'-ברי-אס) בע־טרונקען, אנגע'שכור'ט.

inedibil'ity *n.* (אינ-עד-אי-ביל'-אי-טי) דאס זיין אונעסבאר, דאס ניט קענען געברויכט ווערען צום עסען.

ined'ible *a.* (אינ-עד'-איבל) אונעסבאר, וואס מען קען ניט עסען.

ined'ita *n.* (אינ-עד'-אי-טא) ניט גע־דרוקטע שריפטען; אַ ווערק וואס איז אנ־געשריבען אבער ניט געדרוקט.

ined'ited *a.* (אינ-עד'-אי-טעד) אונגע־דרוקט, ניט ארויסגעגעבען.

ined'ucable *a.* (אינ-עד'-יו-קעבל) אונ־ערציִיגען, אונגעלערענט.

ineffabil'ity *n.* (אינ-עפ-ע-ביל'-אי-טי) אונאויסשפרעכליכקייט.

inef'fable *a.* (אינ-עפ'-עבל) אונאויס־שפרעכליך, וואס קען ניט אויסגעשפראכען ווערען אין ווערטער.

inef'fableness *n.* (אינ-עפ'-עבל-נעס) אונאויסשפרעכליכקייט.

inef'fably *adv.* (אינ-עפ'-ע-בלי) אויף אַן אופן וואס קען ניט אויסגעשפראכען ווערען.

ineffa'ceable *a.* (אינ-ע-פיי'-סעבל) וואס קען ניט אויסגעמעקט ווערען.

ineffa'ceably *adv.* (אינ-ע-פיי'-סע-בלי) אויף אַן אופן וואס קען ניט אויס־געמעקט ווערען.

ineffec'tive *a.* (אינ-ע-פעק'-טיוו) אונ־ווירקזאם, קראפטלאז, אונטהעטיג.

ineffec'tively *adv.* (אינ-ע-פעק'-טיוו-לי) אויף אַ שוואכען, אונווירקזאמען שטייגער.

ineffec'tual *a.* (אינ-ע-פעק'-טשו-על) וואס מאכט ניט קיין עפעקט אדער וויר־קונג.

ineffec'tually *adv.* (אינ-ע-פעק'-טשו-על-אי) אויף אַן אופן וואס מאכט ניט קיין עפעקט אדער ווירקונג.

ineffec'tualness *n.* (אינ-ע-פעק'-טשו-על-נעס) אונווירקזאמקייט, דאס ניט מא־כען קיין עפעקט.

inefferves'cence *n.* (אינ-עפ-ער-וועס'-ענס) דאס ניט אויפזידען, אויפברויזען, שוימען אדער געהרען.

inefferves'cent *a.* (אינ-עפ-ער-וועס'-ענט) וואס קען ניט אויפזידען, אויפברוי־זען אדער געהרען.

ineffervescibil'ity *n.* (אינ-עפ-ער-וועס-אי-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען אויפזידען אדער געהרען [ווי ביער אדער וויין ביים זייערען].

inefferves'cible *a.* (אינ-עפ-ער-וועס'-איבל) וואס קען ניט זידען, ברויזען אדער שוימען; וואס קען ניט געהרען [ווי ביער אדער וויין ביים זייערען]; וואס קען ניט מאכען זידען, ברויזען, שוימען אדער געה־רען.

inefficacious *a.* (אינ-עפ-אי-קיי'-שאס) וואס מאכט ניט קיין ווירקונג; וואס רופט ניט ארוים קיין רעזולטאט.

ineffica'ciously *adv.* (אינ-עפ-אי-קיי'-שאס-לי) אונווירקזאם; אונקרעפטיג, שוואך.

ineffica'ciousness *n.* (אינ-עפ-אי-קיי'-שאס-נעס) די אונווירקזאמקייט; דאס ניט פיהרען צו קיין רעזולטאט.

inef'ficacy *n.* (אינ-עפ'-אי-קע-סי) ז. *ineffectualness*.

ineffi'ciency *n.* (אינ-ע-פיש'-ענ-סי) אונפעהיגקייט; אונווירקזאמקייט, קראפט־לאזיגקייט; אונטהעטיגקייט.

ineffi'cient *a.* (אינ-ע-פיש'-ענט) אונ־פעהיג; ניט קאמפעטענט; אונווירקזאם, אונטהעטיג.

ineffi'ciently *adv.* (אינ-ע-פיש'-ענט-לי) אָהן ווירקונג, אָהן ערפאלג.

inefful'gent *a.* (אינ-ע-פאל'-דזשענט) וואס שיינט ניט; וואס בלישטשעט ניט.

in ei'ther case (אין אי'-טהער קייס) אין ביידע פעלע, אין יעדען פון ביידע פעלע.

inelab'orate *a.* (אינ-אי-לעב'-א-רייט) וואס איז ניט אויסגעארבייט.

inelas'tic *a.* (אינ-אי-לעס'-טיק) ניט עלאסטיש, ניט בויגזאם, ניט נאכגיעביג; וואס לאזט זיך ניט אונטערגעבען.

inel'egance *n.* (אינ-על'-אי-גענס) אונ־עלעגאנטקייט, דאס זיין ניט עלעגאנט; אונציערליכקייט.

inel'egancy *n.* (אינ-על'-אי-גענ-סי) ז. *inelegance*.

inel'egant *a.* (אינ-על'-אי-גענט) ניט עלעגאנט, ניט ציערליך.

inel'egantly *adv.* (אינ-על'-אי-גענט-לי) אויף אַ ניט עלעגאנטען אדער אונ־ציערליכען אופן.

ineligibil'ity *n.* (אינ-על-אי-דזשי-ביל'-אי-טי). אונוועהלבארקייט, דאס ניט האבען די נויטיגע פעהיגקייטען און איי־גענשאפטען צו זיין ערוועהלט.

inel'igible *a.* (אינ-על'-אי-דזשיבל) אונ־וועהלבאר, וואס האט ניט די אייגענשאפ־טען צו זיין אַן אויסערוועהלטער.
An immigrant is **ineligible** to the presidency of the United States.

inel'igibly *adv.* (אינ-על'-אי-דזשי-בלי) אויף אַן אופן וואס מאכט איינעם ניט ווערטה צו זיין ערוועהלט אדער אויס־ערוועהלט.

inelim'inable *a.* (אינ-אי-לים'-אי-נעבל) וואס מען קען ניט אויסשטרייכען אדער בעזייטיגען.

inel'oquent *a.* (אינ-על'-א-קוועגט) ניט רעדנעריש; וואס האט ניט קיין רעד־נער־קראפט.

ineluc'table *a.* (אינ-אי-לאק'-טעבל) וועלכען מען קען ניט בייקומען; פון וועל־כען מען קען זיך ניט ארויסדרעהען.

inelu'dible *a.* (אינ-אי-ליו'-דיבל) וואס מען קען ניט אויסווייכען; פון וועלכען מען קען ניט אנטרינען.

inept' *a.* (אינ-עפט') אונזיניג; נוצלאז; אונפאסענד, אונגעהעריג.

inep'titude *n.* (אינ-עפ'-טי-טיוד) אונ־פאסיגקייט, אונגעהעריגקייט; אונזיניג־קייט.

inept'ly *adv.* (אינ-עפט'-לי) אויף אַן אונפאסיגען אדער אונזיניגען שטייגער.

inept'ness *n.* (אינ-עפט'-נעס) ז. *ineptitude*.

inequal'ity *n.* (אינ-אי-קוואל'-אי-טי) אונגלייכהייט; אונגערעכטיגקייט; פאר־טייליקייט.

inequa'tion *n.* (אינ-אי-קוויי'-שאן) אין מאטעמאטיק — אַן אונגלייכהייט.

inequidis'tant *a.* (אינ-אי-קווי-דיס'-טענט) וואס איז ניט גלייך דערווייטערט.

inequilat'eral *a.* (אינ-אי-קווי-לעט'-ע-רעל) וואס האט ניט קיין גלייכע זייטען.

ineq'uitable *a.* (אינ-עק'-ווי-טעבל) אונגערעכט, ניט גראד, ניט רעכט.

ineq'uitably *adv.* (אינ-עק'-ווי-טע-בלי) אויף אַן אונגערעכטער אדער אונ־גראדער ארט.

ineq'uity *n.* (אינ-עק'-ווי-טי) אונגע־רעכט, דאס זיין ניט על פי יושר.

ine'quivalve *a.* (אינ-אי'-קווי-וועלוו) וואס האט ניט קיין גלייכע דעקלעך אדער קלאפעס [וועגען געוויסע מינים מושלען].

inequival'vular *a.* (אינ-אי-קווי-וועל'-וויו-לאר) ז. *inequivalve*.

inerad'icable *a.* (אינ-אי-רעד'-אי-קעבל) וואס קען ניט אויסגעווארצעלט ווערען.

inerad'icably *adv.* (אינ-אי-רעד'-אי-קע-בלי) ניט קענענדיג אויסגעווארצעלט ווערען.

inerget'ic *a.* (אינ-ער-דזשעט'-איק) וואס האט ניט קיין ענערגיע, וואס איז אונקרעפטיג, אונווירקזאם, אונטהעטיג.

inerm' *a.* (אינ-אוירם') אין באטא־ניק — וואס איז ניט בעוואפענט [אָהן שטאכלען].

iner'mous *a.* (אינ-אויר'-מאס) ז. *inerm*.

iner'rable *a.* (אינ-ער'-עבל) וואס מאכט ניט קיין טעות; וואס בלאנדזשעט ניט.

iner'rancy *n.* (אינ-ער'-ענ-סי) דאס זיין פריי פון פעהלערען.

iner'rant *a.* (אינ-ער'-ענט) אָהן פעה־לערען, אָהן אַ טעות.

inerrat'ic *a.* (אינ-ע-רעט'-איק) וואס בלאנדזשעט ניט; וואס געפינט זיך אויף איין ארט.

inert' *a.* (אינ-אוירט') ניט אינערטיש,

אקטיוו, וואס האט ניט קיין לעבען; וואס האט ניט קיין אינערליכע בעוועגונגסקראפט; אונטהעטיג, פויל, שלעפעריג, אונבעוועגליך.

iner'tia *n.* (אין-אויר'-שיא) אין פיזיק — אינערציע, די אייגענשאפט פון שטאף, וועלכע דריקט זיך אויס אין זיין שטרעבונג צו פערבלייבען אלע מאל אין דעמזעלביגען צושטאנד, אין וועלכען ער געפינט זיך אין דעם אדער יענעם מאמענט [ווען דער שטאף געפינט זיך אין מאמענט פון בעוועגונג, שטרעבט ער צו בעוועגען זיך אהן אן אויפהער אין דער אנגעגעבענער ריכטונג; פערקעהרט, ווען ער געפינט זיך אין מאמענט פון רוה, שטרעבט ער צו פערבלייבען אלע מאל אין דיעזער לאגע]; אונטעטיגקייט, דאס זיין ניט אקטיוו.

iner'tial *a.* (אין-אויר'-שיעל) אינערטיש, וואס איז שייך צו אינערציע. ז. *inertia*.

inert'ly *adv.* (אין-אוירט'-לי) אויף אן אונטהעטיגער ארט; אינערטיש.

inert'ness *n.* (אין-אוירט'-נעס) דאס זיין אינערטיש; דאס ניט האבען קיין אקטיוויטעט; פוילקייט, אונטהעטיגקייט.

iner'udite *a.* (אין-ער'-או-דאיט) וואס איז ניט געלעהרט; וואס האט ניט קיין ערודיציאן אדער בקיאות.

inesca'pable *a.* (אין-עס-קיי'-פעבל) וואס איז אונפערמיידליך.

inescutche'on *n.* (אין-עס-קאטש'-אן) א קליינער שילד אין מיטען פון א גרויסער.



Inescutcheon

inessen'tial *a.* (אין-ע-סענ'-שעל) אונוועזענטליך; וואס איז ניט דער עצם, וואס איז ניט דער עיקר.

ines'timable *a.* (אין-עס'-טי-מעבל) וואס מען קען ניט אבשאצען; אונשעצבאר, אונבערעכענבאר.

ines'timably *adv.* (אין-עס'-טי-מע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט אבגעשאצט ווערען.

ineva'sible *a.* (אין-אי-וויי'-זיבל) וואס איז אונפערמיידליך.

in eve'ry respect' (אין עוו'-רי ריספעקט') אין אלע בעציהונגען, אין יעדער הינזיכט.

inev'ident *a.* (אין-עוו'-אי-דענט) וואס איז ניט אויגענשיינליך; ניט דייטליך; דונקעל.

inevitabil'ity *n.* (אין-עוו-אי-טע-ביל'-אי-טי) אונפערמיידליכקייט; דאס ניט קענען פערמיידען ווערען.

inev'itable *a.* (אין-עוו'-אי-טעבל) אונפערמיידליך.

inev'itableness *n.* (אין-עוו'-אי-טעבל-נעס) ז. *inevitability*

inev'itably *adv.* (אין-עוו'-אי-טע-בלי) אויף אן אונפערמיידליכען אופן.

inexact' *a.* (אין-עג-זעקט') אונפינקטליך, אונגענוי, אונריכטיג.

inexact'ly *adv.* (אין-עג-זעקט'-לי) אויף אן אונפינקטליכען אדער אונגענויעם שטייגער.

inexact'ness *n.* (אין-עג-זעקט'-נעס) אונפינקטליכקייט, אונריכטיגקייט.

inexcitabil'ity *n.* (אין-עק-סאי-טע-ביל'-אי-טי) אונעררעגבארקייט, דאס ניט קענען אויפגערעגט ווערען.

inexci'table *a.* (אין-עק-סאי'-טעבל) אונעררעגבאר, וואס קען ניט אויפגערעגט ווערען.

inexcu'sable *a.* (אין-עקס-קיו'-זעבל) וואס מען קען ניט ענטשולדיגען אדער פערצייהען.

inexcu'sableness *n.* (אין-עקס-קיו'-זעבל-נעס) אונפערצייהליכקייט; דאס ניט קענען ענטשולדיגט ווערען.

inexcu'sably *adv.* (אין-עקס-קיו'-זע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט ענטשולדיגט ווערען.

inexecu'table *a.* (אין-עק-סי-קיו'-טעבל) וואס קען ניט ערפילט ווערען; אונדורכפיהרבאר.

inexecu'tion *n.* (אין-עק-סי-קיו'-שאן) די ניט-ערפילונג; דאס ניט דורכפיהרען.

inexer'tion *n.* (אין-עג-זויר'-שאן) אונטהעטיגקייט.

inexha'lable *a.* (אין-עקס-היי'-לעבל) וואס קען ניט פערדאמפפט אדער אויסגעדונסטעט ווערען; וואס מען קען ניט פערוואנדלען אין דאמפף [פארע]; וואס קען ניט אויסגעוועפט ווערען.

inexhaustibil'ity *n.* (אין-עג-זאהס-טי-ביל'-אי-טי) דאס זיין אונערשעפליך; דאס ניט קענען זיך אויסנעהמען.

inexhaus'tible *a.* (אין-עג-זאהס'-טיבל) אונערשעפפליך; וואס קען זיך ניט אויסנעהמען.

inexhaus'tibleness *n.* (אין-עג-זאהס'-טיבל-נעס) ז. *inexhaustibility*.

inexhaus'tibly *adv.* (אין-עג-זאהס'-טי-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט אויסגעשעפט ווערען.

inexhaus'tive *a.* (אין-עג-זאהס'-טיוו) ז. *inexhaustible*.

inexis'tence *n.* (אין-עג-זיס'-טענס) דאס ניט עקזיסטירען.

inexis'tent *a.* (אין-עג-זיס'-טענט) וואס עקזיסטירט ניט.

inexorabil'ity *n.* (אין-עק-סא-רע-ביל'-אי-טי) אונערביטליכקייט, דאס ניט געריהרט ווערען דורך איינעמס בקשה.

inex'orable *a.* (אין-עק'-סא-רעבל) אונערביטליך, וואס ווערט ניט געריהרט פון א בקשה.

inex'orableness *n.* (אין-עק'-סא-רעבל-נעס) ז. *inexorability*

inex'orably *adv.* (אין-עק'-סא-רע-בלי) זייענדיג אונערביטליך; זייענדיג אונגעריהרט פון א בקשה.

inexpe'diency *n.* (אין-עקס-פי'-די-ען-סי) דאס זיין ניט ראטהזאם; דאס זיין ניט צוגעפאסט צו דער צייט אדער צו די אומשטענדען; אונפאסיגקייט; צוועקלאזיגקייט.

inexpe'dient *a.* (אין-עקס-פי'-די-ענט) ניט אין צייט, אונפאסענד; אונראטהזאם; ניט צוגעפאסט צו דער צייט אדער צו די אומשטענדען.

It is often **inexpedient** to assert one's rights.

inexpe'diently *adv.* (אין-עקס-פי'-די-ענט-לי) אויף אן אונראטהזאמען אופן; ניט צוגעפאסטערהייד; ניט אין דער פאסיגער צייט אדער ניט אין פאסיגען ארט.

inexpen'sive *a.* (אין-עקס-פענ'-סיוו) ניט אויסברענגעריש, ניט טהייער.

inexpe'rience *n.* (אין-עקס-פי'-רי-ענס) אונערפאהרענהייט.

inexpe'rienced *a.* (אין-עקס-פי'-רי-ענסט) אונערפאהרען.

inexpert' *a.* (אין-עקס פוירט') וואס איז ניט קיין עקספערט; ניט אויטאריטעט, ניט ערפאהרען.

inexpert'ness *n.* (אין-עקס-פוירט'-נעס) די ניט-ערפאהרענהייט, ניט-געניטקייט; דאס זיין ניט קיין עקספערט אדער אויטאריטעט אין א געוויסער זאך.

inex'piable *a.* (אין-עקס'-פי-עבל) וואס קען ניט פערגעבען ווערען, וואס קען ניט פערצייהט ווערען; וואס קען ניט שלום ווערען.

inex'piableness *n.* (אין-עקס'-פי-עבל-נעס) דאס ניט קענען פערגעבען ווערען; דאס ניט קענען שלום ווערען.

inex'piably *adv.* (אין-עקס'-פי-ע-בלי) אויף אן אונפערגעבליכען אדער אונפערצייהליכען אופן.

inexplai'nable *a.* (אין-עקס-פליי'-נעבל) אונערקלערליך, אונערקלערבאר, וואס מען קען ניט ערקלערען.

inexplicabil'ity *n.* (אין-עקס-פלי-קע-ביל'-אי-טי) אונערקלערבארקייט; עפעס וואס מען קען ניט ערקלערען.

inex'plicable *a.* (אין-עקס'-פלי-קעבל) אונערקלערליך, אונערקלערבאר.

inex'plicableness *n.* (אין-עקס'-פלי-קעבל-נעס) דאס זיין אונערקלערבאר.

inex'plicables *n.* (אין-עקס'-פלי-קעבלז) הויזען, פלודערען [א הומאריסטישער אויסדרוק].

inex'plicably *adv.* (אין-עקס'-פלי-קע-בלי) אויף אן אונערקלערבארען אופן; אונערקלערליך.

inexplic'it *a.* (אין-עקס-פליס'-איט) אונערקלערט; ניט דייטליך, ניט אויסדריקליך ערקלערט.

inexplor'able *a.* (אין-עקס-פלאור'-עבל) וואס קען ניט אויסגעפארשט ווערען, וואס קען ניט ענטדעקט ווערען.

inexplo'sive *a.* (אין-עקס-פלאו'-סיוו) וואס קען ניט עקספלאדירען.

inexpress'ible *a.* (אין-עקס-פרעס'-איבל) וואס מען קען ניט אויסדריקען מיט ווערטער; אונאויסשפרעכליך; אונבעשרייבליך.

inexpress'ibles *n.* (אין-עקס-פרעס'-איבלז) הויזען, פלודערען [א הומאריסטישער אויסדרוק].

inexpress'ibly *adv.* (אין-עקס-פרעס'-אי-בלי) ניט אויסצודריקען מיט ווערטער; אויף אן אונאויסשפרעכליכען אדער אונבעשרייבליכען אופן.

inexpres'sive *a.* (אין-עקס-פרעס'-איוו) אהן אויסדרוק; אויסדרוקסלאז.

inexpres'siveness *n.* (אין-עקס-פרעס'-איוו-נעס) אויסדרוקסלאזיגקייט.

inexpugnabil'ity *n.* (אין-עקס-פאג-נע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען בייגעקומען, בעצוואונגען אדער איינגענומען ווערען.

inexpug'nable *a.* (אין-עקס-פאג'-נעבל) וואס מען קען ניט בייקומען, בעצווינגען אדער איינגעהמען.

inexpug'nably *adv.* (אין-עקס-פאג'-נע-בלי) אויף אן אופן וואס איז ניט בייצוקומען; ניט איינצונעהמבאר, ניט בעצווינגבאר; ניט צו איבערווינדען.

inexpun'gible *a.* (אין-עקס-פאנ'-דזשיבל) וואס קען ניט אבגעמעקט אדער אויסגעמעקט ווערען.

inexten'ded *a.* (אין עקס-טענ'-דעד) ניט אויסגעצויגען; ניט אויסגעברייטעט.

inextensibil′ity *n.* (אינ-עקס-טענ-סי-ביל′-אי-טי) דאס ניט קענען אויסגעצויגען אדער אויסגעברייטעט ווערען.

inexten′sible *a.* (אינ-עקס-טענ′-סיבל) וואס קען ניט ווערען אויסגעברייטעט אדער אויסגעצויגען.

inexten′sion *n.* (אינ-עקס-טענ′-שאן) מאנגעל אין אויסציהונג אדער אויסברייטונג.

in exten′so (אין עקס-טענ′-סאו) אין דער פולער לענג אדער אין דער פולער גרויס; אהן פערקירצונגען.

In my next letter I shall tell you **in extenso** of the occurrences.

inexter′minable *a.* (אינ-עקס-טויר′-מי-נעבל) וואס איז ניט אויסצוראטען אדער צו פערטיליגען.

inextinct′ *a.* (אינ-עקס-טינקט′) ניט אויסגעלאשען; ניט פערטיליגט.

inextin′guishable *a.* (אינ-עקס-טינ′-גהוויש-עבל) אונאויסלעשליך; אונלעשבאר, וואס מען קען ניט פערלעשען; וואס קען ניט פערניכטעט אדער אונגילטיג געמאכט ווערען.

inextin′guishably *adv.* (אינ-עקס-טינ′-גהוויש-ע-בלי) אויף אן אונלעשבארען אופן; ניט קענענדיג אויסגעלאשען אדער פערניכטעט ווערען.

in extre′mis (אין עקס-טרי′-מיס) אין דער העכסטער געפאהר; אין אויסהויכען די נשמה, אין דער לעצטער גסיסה.

inex′tricable *a.* (אינ-עקס′-טרי-קעבל) וואס מען קען ניט אויספלאנטערען.

On the witness stand he got himself into an **inextricable** tangle by attempting to conceal the truth.

inex′tricableness *n.* (אינ-עקס′-טרי-קעבל-נעס) די אונמעגליכקייט אויסצופלאנטערען.

inex′tricably *adv.* (אינ-עקס′-טרי-קע-בלי) אויף אן אופן וואס מען קען ניט אויספלאנטערען.

in′fair *n.* (אינ′-פעהר) ז. *infare*.

in′fall *n.* (אינ′-פאהל) א צונויפפאלונג, א צונויפגיסונג, א צונויפשטראמונג; דאס ארט וואו דאס וואסער גיסט זיך אריין אין א רעזערוואואר אדער א באסיין.

infal′libilism *n.* (אינ-פעל′-אי-בי-ליזם) דער פרינציפ פון דער קאטוילישער קירך, אז דער פאפסט איז אונפעהלבאר [ד. ה. ער קען קיין טעות ניט מאכען אין רעליגיאנס=אנגעלעגענהייטען].

infal′libilist *n.* (אינ-פעל′-אי-בי-ליסט) איינער וואס האלט פון דער דאגמא פון דער קאטוילישער קירך, אז דער פאפסט איז אונפעהלבאר [קען קיין טעות ניט מאכען אין רעליגיאנס=אנגעלעגענהייטען].

infallibil′ity *n.* (אינ-פעל-אי-ביל′-אי-טי) אונפעהלבארקייט, דאס ניט קענען מאכען קיין טעות; די בעהויפטונג, אז די קירך אלס גאנצע קען קיין פעהלער ניט מאכען; די דאגמא פון דער קאטוילישער קירך, אז דער פאפסט קען קיין טעות ניט מאכען [אין רעליגיאנס=אנגעלעגענהייטען]; א פאלשטענדיגע זיכערהייט אין ערפאלג; אונמעגליכקייט פון א דורכפאל.

infal′lible *a.* (אינ-פעל′-איבל) אונפעהלבאר, וואס קען ניט מאכען קיין פעהלער; פאלשטענדיג זיכער; אונמעגליך צו האבען א דורכפאל; וואס מען קען זיך דארויף פאלשטענדיג פערלאזען.

infal′libleness *n.* (אינ-פעל′-איבל-נעס) ז. *infallibility*.

infal′libly *adv.* (אינ-פעל′-אי-בלי) אהן א דורכפאל אדער פעהלער; מיט זיכערהייט, מיט געוויסהייט.

I have found his judgment **infallibly** correct.

infam′atory *a.* (אינ-פעמ′-ע-טא-רי) פערלוימדעריש; שענדליך, נידערטרעכטיג.

infamed′ *a.* (אינ-פיימד′) בעשימפפט, געמאכט צו שאנדע.

in′famous *a.* (אינ′-פיי-מאס) שענדליך; פערעכטליך; נידערטרעכטיג; אבשייליך.

in′famously *adv.* (אינ′-פיי-מאס-לי) אויף א שענדליכען, פערעכטליכען אדער אבשייליכען אופן.

in′famousness *n.* (אינ′-פיי-מאס-נעס) עהרלאזיגקייט; שאנדע; נידערטרעכטיגקייט.

in′famy *n.* (אינ′-פיי-מי) עהרלאזיגקייט; שאנדע; נידערטרעכטיגקייט; א סקאנדאלעזע רעפוטאציע.

in′fancy *n.* (אינ′-פענ-סי) קינדהייט; אונמינדיגקייט; מינדער=יעהריגקייט; די אנפאנגס=יאהרען; אן אנפאנג אדער א גאנץ פריהע פעריאדע אין דער געשיכטע.

in′fant *n. and a.* (אינ′-פענט) א קינד; א זויגלינג; אן אונמינדיגער אדער מינדער=יעהריגער; יוגענדליך; קינדיש, וואס איז נאך אין א קינדישען צושטאנד; וואס איז אין אן אנפאנגס=צושטאנד.

infan′ta *n.* (אינ-פענ′-טא) א שפאנישע אדער פארטוגעזישע פרינצעסין.

infan′te *n.* (אינ-פענ′-טע) א שפאנישער אדער פארטוגעזישער פרינץ.

in′fanthood *n.* (אינ′-פענט-הוד) די ערשטע קינדהייט; די קינדער=יאהרען.

infan′ticidal *a.* (אינ-פענ′-טי-סאי-דעל) קינדער=מערדעריש, וואס איז שייך צו קינדער=מארד אדער צו א קינדער=מערדער.

infan′ticide *n.* (אינ-פענ′-טי-סאיד) קינדער=מארד; א קינדער=מערדער.

in′fantile *a.* (אינ′-פענ-טיל) קינדיש; יוגענדליך; ווי א קינד.

in′fantine *a.* (אינ′-פענ-טין) ז. *infantile*.

in′fantry *n.* (אינ′-פענ-טרי) אינפאנטעריע, פוס=סאלדאטען; קינדערשאפט, א קינדער=כאליאסטרע [אלס א הומאריסטישער אויסדרוק].

in′fantryman *n.* (אינ′-פענ-טרי-מען) אן אינפאנטעריע=סאלדאט, א פוס=סאלדאט.

in′fant-school *n.* (אינ′-פענט-סקוהל) א קליין=קינדער=שוהל.

infarct′ *n.* (אינ-פארקט′) אין מעדיצין — דאס וואס פערשטאפט.

infarc′ted *a.* (אינ-פארק′-טעד) פערשטאפט.

infarc′tion *n.* (אינ-פארק′-שאן) פערשטאפונג.

infare′ *v.* (אינ-פעהר′) אריינגעהן, אריינקומען.

in′fare *n.* (אינ′-פעהר) א חנוכת=הבית יום=טוב; אן אונטערהאלטונג אדער א קערמישעל וואס א יונג פאר פאלק מאכט ביים אריינציהען אין אן אייגענער וואהנונג.

infat′uate *v. and a.* (אינ-פעט′-יו-אייט) פערדרעהען דעם קאפ, אראבפיהרען פון שכל; פערבלענדען; פערדרעהט דעם קאפ, פערלארען דעם שכל; פערבלענדעט; פערקאכט.

infat′uated *a.* (אינ-פעט′-יו-איי-טעד) פערדרעהט דעם קאפ, פערלארען דעם שכל; פערבלענדעט; פערקאכט.

infatua′tion *n.* (אינ-פעט-יו-איי′-שאן) 1. דאס פערדרעהען דעם קאפ, דאס אראבפיהרען פון שכל; 2. פערבלענדונג; דאס זיין פערקאכט.

1. His **infatuation** for the young lady was the cause of his downfall.

in fa′vor of (אין פיי′-ווער אוו) צו גונסטען; פאר.

The cause was decided **in favor of** the employee.

infeasibil′ity *n.* (אינ-פיע-זי-ביל′-אי-טי) דאס ניט קענען געטהאן ווערען; אונמעגליכקייט אויסצופיהרען אדער צו טהאן.

infea′sible *a.* (אינ-פיע′-זיבל) וואס קען ניט געטהאן ווערען; וואס איז אונמעגליך אויסצופיהרען.

infea′sibleness *n.* (אינ-פיע′-זיבל-נעס) ז. *infeasibility*.

infect′ *v.* (אינ-פעקט′) אנשטעקען; פערגיפטען; פערדארבען, פערפעסטען; בעפלעקען; מאכען שטראפבאר; ערקלערען אלס אונגעזעצליך, ערלויבען עפעס זאל פערכאפט אדער קאנפיסקירט ווערען.

infec′tant *a.* (אינ-פעק′-טענט) עטוואס וואס שטעקט אן.

infec′tedness *n.* (אינ-פעק′-טעד-נעס) אנגעשטעקטקייט.

infec′ter *n.* (אינ-פעק′-טער) איינער אדער עפעס וואס שטעקט אן.

infec′tion *n.* (אינ-פעק′-שאן) אנשטעקונג; פערפעסטונג, פערגיפטונג, פערדארבונג; דאס מאכען עטוואס אונגעזעצליך אדער שטראפבאר; אן ערלויבניס עטוואס צו קאנפיסקירען; עטוואס וואס שטעקט אן מיט עפעס.

infec′tionist *n.* (אינ-פעק′-שאנ-איסט) איינער וואס האלט פון דער טעאריע, אז קראנקהייטען קומען פון אנשטעקונג.

infec′tious *a.* (אינ-פעק′-שאס) אנשטעקענד; פערפעסטענד, פערגיפטענד, פערדארבענד; וואס איז ערקלערט אלס אונגעזעצליך אדער שטראפבאר; וואס קען קאנפיסקירט ווערען.

infec′tiously *adv.* (אינ-פעק′-שאס-לי) אויף אן אנשטעקענדען, פערדארבענדען אדער פערפעסטענדען שטייגער.

infec′tiousness *n.* (אינ-פעק′-שאס-נעס) אנשטעקעדיגקייט; פערפעסטיגונג, פערדארבליכקייט.

infec′tive *a.* (אינ-פעק′-טיוו) אנשטעקענד.

infec′tively *adv.* (אינ-פעק′-טיוו-לי) דורך אנשטעקונג; אויף אן אנשטעקענדען אופן.

infec′tiveness *n.* (אינ-פעק′-טיוו-נעס) אנשטעקיגקייט.

infectiv′ity *n.* (אינ-פעק-טיוו′-אי-טי) אנשטעקיגקייט.

infecund′ *a.* (אינ-פי-קאנד′) אונפרוכטבאר.

infecun′dity *n.* (אינ-פי-קאנ′-די-טי) אונפרוכטבארקייט.

infelic′itous *a.* (אינ-פי-ליס′-אי-טאס) אונגליקליך; אונגעלונגען, אונגינסטיג, אונפאסיג, אונגעשיקט, וואס איז ניט אם פלאץ.

infelic′ity *n.* (אינ-פי-ליס′-אי-טי) אונגליקליכקייט, אונגליק, עלענד; אונפאסיגקייט, אונשיקליכקייט, אונגינסטיגקייט; אן אונגעלונגענער, אונפאסיגער אויסדרוק.

infelo′nious *a.* (אינ-פע-לאו′-ני-אס) ניט פערברעכעריש, וואס קען ניט בעשטראפט ווערען געזעצליך. ז. *felony*.

in′felt *a.* (אינ′-פעלט) וואס ווערט געפיהלט אינערליך; שטארק געפיהלט.

infer′ *v.* (אינ-פויר′) ארויספיהרען, ארויס=

ברײנגען, שליסען אדער דרינגען פון עפּעם; ציהען א לאגישען שלוס.

infer'able *a.* (אינ-פויר'-עבל) וואס מען קען דרינגען אדער ציהען אלס שלוס.

in'ferably *adv.* (אינ'-פויר-ע-בלי) דורך ארויסדרינגען, דורך ציהען שליסע פון עפּעם.

in'ference *n.* (אינ'-פער-ענס) א שלוס, א לאגישע שלוס=פאלגערונג, אן אויספיהר.

inferen'tial *a.* (אינ-פע-רענ'-שעל) וואס איז שייך צו א לאגישער שלוס=פאלגערונג; וואס קען געצויגען ווערען אלס לאגישער שלוס.

inferen'tially *adv.* (אינ-פע-רענ'-שעל-אי) אויף'ן אופן פון א לאגישער שלוס=פאלגערונג; דורך א לאגישער שלוס=פאלגערונג.

infe'rior *a. and n.* (אינ-פי'-רי-אר) נידריגער; אונטערער; וואס איז ווענײגער וויכטיג; וואס איז פון קליינעם ווערטה; אין אסטראנאמיע — וואס געפינט זיך צווישען דער ערד און דער זון, וואס געפינט זיך אונטער'ן האריזאנט; איינער פון א נידריגערען ראנג, אן אונטערגעארדנעטער.

infe'rior court (אינ-פי'-רי-אר קאורט) א געריכט מיט א בעשרענקטער מאכט צו פערהאנדלען געוויסע געריכטס=פראצעסען.

The **inferior courts** of the state have jurisdiction over minor offences or over civil cases involving small amounts.

inferior'ity *n.* (אינ-פי-רי-אר'-אי-טי) נידריגקייט; נידריגערער שטאנד, קלענערער ווערטה.

infe'riorly *adv.* (אינ-פי'-רי-אר-לי) אויף א נידריגערען, אונוויכטיגערען אדער וועניגער ווערטהפאלען אופן; אונטען, אין די אונטערשטע טיילען.

infe'rior to none (אינ-פי'-רי-אר טו נאן) ניט נידריגער פון קיינעם.

infe'rior ve'na ca'va (אינ-פי'-רי-אר ווי'-נא קיי'-ווא) די גרויסע בלוט=ארטעריע וואס פיהרט דאס בלוט פון די פיס און בויך אין דעם רעכטען אויערל פון הארץ.

ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

infer'nal *a. and n.* (אינ-פויר'-נעל) העליש, טייפעליש; אבשייליך; א טייפעל; איינער אדער עטוואס וואס איז טייפעליש, וואס ברײנגט פערניכטונג א. ז. וו.; אן אויפרייסונגס=מאשין, א טארפעדא.

infernal'ity *n.* (אינ-פויר-נעל'-אי-טי) העלישקייט, טייפעלישקייט.

infer'nally *adv.* (אינ-פויר'-נעל-אי) אויף א העלישען, טייפעלשען אדער אבשייליכען שטייגער.

infer'nal machine' (אינ-פויר'-נעל מע-שין') א טייפעלשע מאשין, אן אויפרייסונגס=מאשין, א טארפעדא.

infer'nal re'gions (אינ-פויר'-נעל ריע'-דושאנז) דער גהינם, די אונטערוועלט.

infer'rible *a.* (אינ-פויר'-איבל) ז. *inferable*.

infer'tile *a.* (אינ-פויר'-טיל) אונפרוכטבאר.

infertil'ity *n.* (אינ-פויר-טיל'-אי-טי) אינפרוכטבארקייט.

infest' *a.* (אינ-פעסט') 1. אנפאלען; 2. פלאגען, קוועלען.

1. The robbers **infest** the highway. 2. The house is **infested** with vermin.

infesta'tion *n.* (אינ-פעס-טיי'-שאן) בעאונרוהיגונג, קוועלונג.

infes'ter *n.* (אינ-פעס'-טער) דער אדער דאס וואס בעאונרוהיגט, דאקוטשעט, פלאגט אדער קוועלט.

infeuda'tion *n.* (אינ-פיו-דיי'-שאן) אין דער פעאדאלער געזעצגעבונג — דאס איבערגעבען א גוט פון דעם פריץ צו זיין וואסאל פאר געוויסע דיענסטע אדער בעלוינונג; דאס געבען מעשר צו א וועלטליכען [ניט צו קיין גייסטליכען].

infib'ulate *v.* (אינ-פיב'-יו-לייט) צוזאמענהעפטען; צונויפשנאלען, צונויפהעקלען, צונויפטשעפען.

infibula'tion *n.* (אינ-פיב-יו-ליי'-שאן) א צוזאמענהעפטונג, א צונויפשנאלונג, א צונויפהעקלונג; דאס ארויפלעגען א שלאס אדער רינג [כומז] אויף די געשלעכטליכע ארגאנען אום צו פערהיטען געשלעכטליכען פערקעהר.

in'fidel *a. and n.* (אינ'-פי-דעל) אונגלויביג; וואס גלויבט ניט אין קיין רעליגיאן און איז קיין רעליגיעזער הייליגקייט; אן אונגלויביגער.

infidel'ity *n.* (אינ-פי-דעל'-אי-טי) אונגלויביגקייט [וועגען רעליגיאן]; טרייילאזיגקייט; אונטרייהייט [אין פערהייראטען לעבען].

in'field *n.* (אינ'-פיעלד) דער פיער=עקיגער פלאץ, געוועהנליך פון 30 יארד, אויף וועלכען עס ווערט געשפּיעלט בייס=באל; א פעלד וואס איז בעארבייט און בעזייהט.

in fi'eri (אין פאי'-ע-ראי) אין ווערען, אין געשאפען ווערען [וועגען א פראצעס וואס געהט אן און איז נאך ניט פערענדיגט].

in'fill *v.* (אינ'-פיל) אנפילען, פול מאכען.

in'filling *n.* (אינ'-פיל-אינג) דאס מיט וואס מען פילט אן.

infilm' *v.* (אינ-פילם') בעדעקען מיט א הייטעל אדער דינעם שיכט.

infil'ter *v.* (אינ-פיל'-טער) אריינפילטרירען, אריינזייען.

infil'trate *v. and n.* (אינ-פיל'-טרייט) זיך דורכפילטרירען, אריינדרינגען ווי דורך א פילטער; דורכדרינגען; דאס וואס דרינגט אדער פילטרירט זיך דורך.

infiltra'tion *n.* (אינ-פיל-טריי'-שאן) דאס איינפילטרירען אדער איינדרינגען; דאס וואס פילטרירט זיך אדער דרינגט דורך ווי דורך א פילטער; א קראנקהאפטער צושטאנד פון וועלכען עס איז קערפער=טייל דורך אנזאמלען זיך אין איהם פרעמדע שטאפען, וועלכע דרינגען אין איהם אריין פון אויסען.

in fine (אין פאין) ענדליך, בקיצור.

infin'itant *a.* (אינ-פינ'-אי-טענט) וואס איז שייך צו א פערניינונגס=ווארט וואס ווערט פערבונדען מיט א געוויסען בעגריף, ווי למשל, דאס ווארט "ניט" אין דעם אויסדרוק ניט=עקזיסטירענד.

infin'itary *a.* (אינ-פינ'-אי-טע-רי) אונענדליך גרויס; וואס איז שייך צו אן אונענדליכער גרעסע.

infin'itate *v.* (אינ-פינ'-אי-טייט) פערוואנדלען אין אונענדליך; פערניינען א בעגריף [מאכען עס זאל זיין ניין] דורך דער צושטעלונג פון דעם ווארט "ניט" אדער "ניין" א. ד. ג.

in'finite *a. and n.* (אינ'-פי-ניט) אונענדליך; גרענצלאז, ענדלאז; אונענדליך גרויס [אזוי אז עס קען ניט געמאסטען ווערען]; דער אונענדליכער [וועגען גאט]; עטוואס וואס איז אונענדליך.

in'finitely *adv.* (אינ'-פי-ניט-לי) אויף אן אונענדליכען אופן; ענדלאז; אויף'ן העכסטען גראד; אונצעהלבאר; אונמעסטבאר.

in'finiteness *n.* (אינ'-פי-ניט-נעס) אונענדליכקייט.

infinites'imal *a. and n.* (אינ-פי-ני-טעס'-אי-מעל) אונענדליך קליין; אן אונענדליך קליינע גרעסע.

infinites'imally *adv.* (אינ-פי-ני-טעס'-אי-מעל-אי) אין אדער דורך אונענדליך קליינע גרעסען; דורך אן אונענדליך קליינער פערגרעסערונג.

infin'itival *a.* (אינ-פינ'-אי-טי-וועל) אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו דעם אינפיניטיוו. ז. *infinitive*.

infin'itive *a. and n.* (אינ-פינ'-אי-טיוו) אין גראמאטיק — אונבעשטימט, וואס בעצייכענט די אינפיניטיווע [אונבעשטימטע] פארם פון האנדלונגס=ווערטער [פעלים]; דער אינפיניטיוו, די אונבעשטימטע פארם פון האנדלונגס=ווערטער [די אנפאנגס=פארם פון האנדלונגס=ווערטער, וועלכע בעצייכענען נור די האנדלונג אהן בעצוג צו דער צייט, פערזאן און צאהל, ווי די ווערטער "געבען", "געהן", "שרייבען" א. ד. ג.].

infin'itively *adv.* (אינ-פינ'-אי-טיוו-לי) אין דער פארם פון אן אינפיניטיוו. ז. *infinitive*.

infin'itive mode (אינ-פינ'-אי-טיוו מאוד) די אינפיניטיווע [אונבעשטימטע] פארם פון האנדלונגס=ווערטער. ז. *infinitive*.

infin'itude *n.* (אינ-פינ'-אי-טיוד) אונענדליכקייט; אן אונצעהליגע גרויסע מענגע; אן אונענדליכע אויסברייטונג; אן אונענדליכער רוים.

infin'ity *n.* (אינ-פינ'-אי-טי) אונענדליכקייט; ענדלאזיגקייט; אונצעהלבארקייט; אונמעסטבארקייט.

infirm' *a.* (אינ-פוירם') ניט פעסט, שוואך; קרענקליך.

infir'mary *n.* (אינ-פויר'-מע-רי) א קראנקען=הויז, א שפיטאל.

infir'mity *n.* (אינ-פויר'-מי-טי) ניטפעסטקייט; שוואכקייט; קרענקליכקייט.

infirm'ly *adv.* (אינ-פוירמ'-לי) ניט פעסט; שוואך; קרענקליך.

infirm'ness *n.* (אינ-פוירמ'-נעס) ז. *infirmity*.

infis'tulated *a.* (אינ-פיס'-טיו-ליי-טעד) פול מיט פיסטלען. ז. *fistula*.

infix' *v.* (אינ-פיקס') אריינשפארען, אריינדריקען; אריינשטעלען; איינפעסטיגען.

infix'ion *n.* (אינ-פיק'-שאן) דאס אריינשפארען, דאס אריינדריקען, דאס בעפעסטיגען.

inflame' *v.* (אינ-פליים') אנצינדען; אויפפלאמען; אויפרעגען; אויפרייצען די געפיהלען; זיך ענטצינדען.

Demagogues **inflame** the passions of the people.

inflamed' *a.* (אינ-פליימד') ענטצונדען; אויפגעפלאמט; אויפגערעגט.

infla'mer *n.* (אינ-פליי'-מער) אן אנצינדער; אן אויפהעצער; אן אויפרייצער.

inflammabil'ity *n.* (אינ-פלעמ-ע-ביל'-אי-טי) ענטצינדליכקייט; ענטצינדבארקייט; די פעהיגקייט זיך אנצוצינדען; די פעהיגקייט זיך שטארק אויפצורעגען.

inflam'mable *a.* (אינ-פלעמ'-עבל) ענטצינדליך; ענטצינדבאר; וואס ווערט לייכט אנגעצונדען; וואס רעגט זיך שטארק אויף.

inflam'mableness *n.* (אינ-פלעמ'-עבל-נעס) ז. *inflammability*

inflam'mably *adv.* (אינ-פלעמ'-ע-בלי) ענטצינדליך; עטצינדבאר; ווערענדיג גרינג אויפגערעגט.

inflamma'tion *n.* (אינ-פלע-מיי'-שאן) אן ענטצינדונג; דאס אנצינדען; א בראנד, א פלאקער; א פלאמענדע אויפרעגונג.

inflam'mative *a.* (אינ-פלעמ'-ע-טיוו) ז. *inflammatory*

inflam'matory *a.* (אינ-פלעמ'-ע-טא-רי) ענטצינדענד; שטארק אויפרעגענד; אויפריהרענד, אויפרייצענד.

inflam'matory fe'ver (אינ-פלעמ'-ע-טא-רי פי'-ווער) א פיבער וואס רופט ארויס ענטצינדונג.

infla'table *a.* (אינ-פליי'-טעבל) וואס קען אויפגעבלאזען ווערען.

inflate' *v.* and *a.* (אינ-פלייט') אויפ-בלאזען; זיך אויפבלאזען; אויפשוועלען; אויפגעבלאזען, אויפגעשוואלען.

infla'ted *a.* (אינ-פליי'-טעד) 1. אויפ-געבלאזען; אויפגעשוואלען; 2. באמבאס-טיש [אין ריידען אדער שרייבען].

1. The tires of the automobile are **inflated**.
2. His writings exhibit an **inflated** style.

infla'ted val'ues (אינ-פליי'-טעד וועל'-יוז) אויפגעבלאזענע פרייזען.

infla'ter *n.* (אינ-פליי'-טער) אן אויפ-בלאזער; איינער וואס בלאזט אויף די פרייזען.

infla'tingly *adv.* (אינ-פליי'-טינג-לי) אויפבלאזענדיג.

infla'tion *n.* (אינ-פליי'-שאן) דאס אויפבלאזען; די אויפבלאזונג פון פריי-זען; אויפגעבלאזענקייט; דאס זיין אויפ-געבלאזען.

infla'tionist *n.* (אינ-פליי'-שאן-איסט) אן אויפבלאזער; אן אנהענגער פון דער טעאריע, אז עס זאל זיין א גרויסע ציר-קולאציאן פון פאפיער-געלד אין לאנד, כדי לאנד-פראדוקטען זאלען ווערען טייערער.

infla'tor *n.* (אינ-פליי'-טאר) ז. *inflater*

infla'tus *n.* (אינ-פליי'-טאס) אן ארײנ-בלאזונג; אינספיראציאן, השפעה, בע-איינפלוסונג.

inflect' *v.* (אינ-פלעקט') בויגען; אין גראמאטיק — ענדערען די פארם פון די ווערטער [דעקלינירען אדער קאניוגי-רען]; מאדולירען [בויגען, ענדערען] די שטימע; בעקומען אן אנדער פארם דורך גראמאטיקאלישע ענדערונגען.

inflec'ted *a.* (אינ-פלעק'-טעד) געבוי-גען; אבגעבויגען פון דער גראדער ריכ-טונג; אין גראמאטיק — געענדערט די פארם פון ווארט.

inflec'tion *n.* (אינ-פלעק'-שאן) בויגונג; מאדולירונג [ענדערונג] פון דער שטי-מע; אין גראמאטיק — די ענדערונג פון די ווערטער [דורך דעקלינירען אדער קאניוגירען]; די ענדערונג פון א ליכט-שטראהל ווען ער געהט דורך אן אונ-דורכזיכטיגען קערפער.

inflec'tional *a.* (אינ-פלעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בויגונג; וואס איז שייך צו א מאדולירונג [א וועקסלונג אדער ענדערונג] פון דער שטימע; וואס אנ-בעלאנגט צו א גראמאטיקאלישער ענדע-רונג פון ווערטער.

inflec'tive *a.* (אינ-פלעק'-טיוו) בויג-זאם, וואס האט די פעהיגקייט זיך צו בוי-גען; וואס קען גראמאטיקאליש געבויגען ווערען [קאניוגירט אדער דעקלינירט ווע-רען].

inflex' *v.* (אינ-פלעקס') בויגען, אויס-בויגען.

inflexed' *a.* (אינ-פלעקסט') געבויגען, אויסגעבויגען.

inflexibil'ity *n.* (אינ-פלעק-סי-ביל'-אי-טי) אונבויגזאמקייט; שטייפקייט; הארט-נעקיגקייט; אונפערענדערליכקייט.

inflex'ible *a.* (אינ-פלעק'-סיבל) אונ-בויגזאם; הארטנעקיג; שטייף; פער'-עקשן'ט; אונפערענדערליך.

inflex'ibleness *n.* (אינ-פלעק'-סיבל-נעס) ז. *inflexibility*

inflex'ibly *adv.* (אינ-פלעק'-סי-בלי) אויף אן אונבויגזאמען אופן; שטייף, פער'עקשן'ט.

inflex'ion *n.* (אינ-פלעק'-שאן) ז. *inflection*

inflex'ure *n.* (אינ-פלעק'-שור) א בוי-גונג; א פאלד.

inflict' *v.* (אינ-פליקט') ארויפלעגען [א שטראף], פעראורזאכען [וועהטאג אדער ליידען]; ארויפצווינגען, ארויפ-דרינגען.

inflic'ter *n.* (אינ-פליק'-טער) איינער וואס לעגט ארויף [א שטראף], איינער וואס פעראורזאכט [ליידען, וועהטאג א. ד. ג.], איינער וואס צווינגט עפעס ארויף אדער דרינגט ארויף.

inflic'tion *n.* (אינ-פליק'-שאן) דאס ארויפלעגען [א שטראף]; דאס פעראור-זאכען [ליידען אדער וועהטאג]; שטראף; ליידען.

inflic'tive *a.* (אינ-פליק'-טיוו) ארויף-לעגענד [א שטראף], פעראורזאכענדיג [וועהטאג אדער ליידען].

inflores'cence *n.* (אינ-פלא-רעס'-ענס) דאס צובליהען זיך, דאס קווייטלען זיך [פון בלומען]; די איינארדנונג פון בלי-טהען.

inflores'cent *a.* (אינ-פלא-רעס'-ענט) זיך צובליהענד, זיך קווייטלענד; וואס איז שייך צו בליהונג.

in'flow *n.* (אינ'-פלאו) ארײנפליסונג; עטוואס וואס פליסט אריין.

inflowed' *a.* (אינ-פלאוד') ארײנגע-פלאסען.

in'fluence *n.* and *v.* (אינ'-פלו-ענס) איינפלוס, ווירקונג; אין אסטראלאגיע — די ווירקונג פון די שטערען אויף דעם מזל פון מענשען; אין עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם — אינדוקציאן [ז. *induction*]; בעאיינפלוסען, האבען א ווירקונג.

in'fluencer *n.* (אינ'-פלו-ענ-סער) איי-נער אדער עטוואס וואס האט אן איינ-פלוס אדער א ווירקונג.

in'fluent *a.* and *n.* (אינ'-פלו-ענט) ארײנפליסענד; בעצייכנענד דעם טייל [פון א רעהר, למשל], דורך וועלכען לופט שטראמט אריין; א נעבענפלוס, א צופלוס [א טייך וואס פאלט אריין אין א צווייטען טייך].

influen'tial *a.* (אינ-פלו-ענ'-שעל) וואס האט איינפלוס, וואס האט א וויר-קונג, איינפלוסרייך.

He was the most **influential** man in the town.

influen'tially *adv.* (אינ-פלו-ענ'-שעל-אי) מיט איינפלוס, איינפלוסרייך, דורך ווירקונג.

influen'za *n.* (אינ-פלו-ענ'-זא) איינ-פלוענצא, גריפ.

in'flux *n.* (אינ'-פלאקס) דאס ארײנפלי-סען; דער פלאץ וואו א טייך פאלט אריין אין א צווייטען טייך אדער אין ים.

influx'ible *a.* (אינ-פלאק'-סיבל) וואס איז ניט אונטערווארפען צו שטענדיגע אדער אנהאלטענדע ענדערונגען.

influx'ion *n.* (אינ-פלאק'-שאן) דאס ארײנפליסונג; עטוואס וואס פליסט אריין.

infold' *v.* (אינ-פאולד') איינוויקלען; איינשליסען; אומפאסען; ארומנעהמען, אומארמען.

info'liate *v.* (אינ-פאו'-לי-אייט) בעדע-קען אדער פערשפרייטען מיט בלעטער.

in fo'lio (אין פאו'-ליאו) אין פאליא, אין האלב-בויגענדיגען פארמאט [ווענען א בוך].

in for it (אין פאר איט) 1. ארײנגע-קראכען אין א בלאטע, אין א פערלעגענ-הייט; 2. מעוברת.

1. Mary was **in for it** when she broke her father's pipe.

inform' *v.* (אינ-פארם') בע-מעלדען, נאכריכטיגען, בעריכטען, דערצעהלען, מסר'ען; אונטערריכטען, לערנען; בעלע-בען; צוגעבען א פארם.

infor'mal *a.* (אינ-פאר'-מעל) ניט פאר-מעל, וואס איז ניט לויט די אנגענומענע פארמען, אונרעגעלמעסיג, ניט רעגולאר, ניט אפיציעל, אהן צערעמאניעס.

informal'ity *n.* (אינ-פאר-מעל'-אי-טי) אינפארמאליטעט, אונרעגעלמעסיגקייט; דאס זיין ניט לויט די אנגענומענע פאר-מען, כללים אדער מנהגים; דאס זיין ניט אפיציעל; דאס ניט צערעמאניעז זיין.

infor'mally *adv.* (אינ-פאר'-מעל-אי) אין א ניט געהעריגער פארם, אויף אן אונרעגעלמעסיגען שטייגער, ניט לויט די אנגענומענע כללים אדער מנהגים, אהן צע-רעמאניעס; ניט אפיציעל.

infor'mant *n.* and *a.* (אינ-פאר'-מענט) א בענאכריכטיגער [איינער וואס איז מודיע]; א מוסר, א דאנאשטשיק; פארמירענדיג, צוגעבענדיג א פארם, בע-לעבענד.

informa'tion *n.* (אינ-פאר-מיי'-שאן) א נאכריכט, א ידיעה; בעלעהרונג, וויסען; א מסירה; אן אנקלאגע געמאכט ניט פון אן אנקלאגע-געריכט, נאר פון דעם פרא-קוראר אליין; אן אנקלאגע אונטער א שבועה פאר א פרידענס-ריכטער; אן אנ-קלאגע פאר ניט צאהלען א געזעצליכע שטראף; אין ענגלאנד — א קלאגע פון שטאאט געגען א פערזאן פאר שעדיגען שטאאטס-אייגענטום.

infor'mative *a.* (אינ-פאר'-מע-טיוו) פארמירענד, צוגעבענדיג א פארם; בעלע-בענד; בעלעהרענד.

infor'matory *a.* (אינ-פאר'-מע-טא-רי) בעלעהרענד; וואס גיט נאכריכטען, בעקאנט מאכענד.

infor'mer *n.* (אינ-פאר'-מער) איינער וואס בענאכריכטיגט; א מוסר, א דאנאש-טשיק; איינער וואס מאכט מיט עפעס בע-קאנט; איינער וואס פארמירט אדער בע-לעבט.

infor'midable *a.* (אינ-פאר'-מי-דעבל) ניט פורכטבאר.

infract' *v.* (אינ-פרעקט') אבברעכען; אונטערברעכען; פערלעצען; איבערטרע-טען [א געזעץ, אן אבמאך א. ד. ג.].

infrac'ted *a.* (אינ-פרעק'-טעד) שארף איינגעבויגען ווי עס וואלט געווען איינ-געבראכען [ווענען געוויסע גליעדער ביי חיות].

infrac'tible *a.* (אינ-פרעק'-טיבל) וואס קען זיך ברעכען.

infrac'tion *n.* (אינ-פרעק'-שאן) דער

ברוך; פערלעצונג אדער איבערטרעטונג [פון א געזעץ, אבמאך א. ד. ג.].
The child was punished by the teacher for an infraction of the rules.
infrac'tor *n.* (אינ-פרעק'-טאר) אן אי= בערטרעטער, א פערלעצער [פון א געזעץ, אבמאך א. ד. ג.]
infrahu'man *a.* (אינ-פרא-היו'-מען) נידריגער ווי א מענש, וואס האט נידרי= גערע אייגענשאפטען ווי די מענשליכע.
infralapsa'rian *a.* (אינ-פרא-לעפ-סיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו אינפרא= לאפסאריאניזם. ז. *infralapsarianism*.
Infralapsa'rian *n.* (אינ-פרא-לעפ-סיי'-רי-ען) אן אנהענגער פון אינפראלאפ= סאריאניזם. ז. *infralapsarianism*.
infralapsa'rianism *n.* (אינ-פרא-לעפ-סיי'-רי-ען-איזם) אינפראלאפסאריא= ניזם [די קאלוויניסטישע לעהרע, דאס ערשט נאך דעם זינד=פאל פון אדם הראשון'ען האט גאט פארויסבעשטימט ווער עס וועט זוכה זיין דעם גן=עדן און ווער עס וועט פעראורטיילט ווערען צו אייביגען גיהנם].
inframam'mary *a.* (אינ-פרא-מעמ'-ע-רי) וואס ליעגט אונטער דער ברוסט.
inframax'illary *a. and n.* (אינ-פרא-מעק'-סי-לע-רי) וואס איז שייך צום אונ= טערשטען קינבאק=ביין; וואס געפינט זיך אונטער דעם אונטערשטען קינבאק=ביין; דער אונטערשטער קינבאק=ביין.
inframun'dane *a.* (אינ-פרא-מאנ'-דיין) אונטערוועלטליך.
infranat'ural *a.* (אינ-פרא-נעטש'-או-רעל) אונטער=נאטירליך, וואס איז נאך נידריגער ווי דער חומר.
infrangibil'ity *n.* (אינ-פרענ-דזשי-ביל'-אי-טי) אונצוברעכליכקייט, אונצו= טיילבארקייט; דאס ניט קענען איבער= געטראטען ווערען.
infran'gible *a.* (אינ-פרענ'-דזשיבל) אונצוברעכליך, אונצוטיילבאר, וואס מען קען ניט צוברעכען; וואס מען קען ניט איבערטרעטען אדער עובר זיין.
infran'gibleness *n.* (אינ-פרענ'-דזשיבל-נעס) ז. *infrangibility*.
in'fra-obli'quus *n.* (אינ'-פרא-אב-לאי'-קוואס) דער אונטערשטער מוסקעל פון דעם אויג, מיט דער הילף פון וועלכען דאס אויג בעוועגט זיך ארויף און ארויס= צו.
in'fra-oc'ular *a.* (אינ'-פרא-אק'-יו-לאר) וואס ליעגט אונטער'ן אויג [וועגען די פיהל=הערענדלעך ביי אינזעקטען].
in'fra-or'bital *a.* (אינ'-פרא-אהר'-בי-טעל) וואס ליעגט אונטער דעם ארביט אדער קרייז פון אויג [וועגען א געוויסען נערוו].
in'fra-or'bitar *a.* (אינ'-פרא-אהר'-בי-טאר) ז. *infra-orbital*.
in'fra-or'bitary *a.* (אינ'-פרא-אהר'-בי-טע-רי) ז. *infra-orbital*.
infrapose' *v.* (אינ-פרא-פאוז') אוועק= לעגען אדער אוועקשטעלען אונטען.
infraposi'tion *n.* (אינ-פרא-פא-זיש'-אן) דאס געפינען זיך אונטען.
infre'quence *n.* (אינ-פרי'-קווענס) ז. *infrequency*.
infre'quency *n.* (אינ-פרי'-קווענ-סי) זעלטענהייט, אונגעוועהנליכקייט, דאס זיין ניט אפט.
infre'quent *a.* (אינ-פרי'-קווענט) אונגעוועהנליך, זעלטען; וואס פאסירט ניט אפט.
His visits at our house are infrequent.
infre'quently *adv.* (אינ-פרי'-קווענט-לי) זעלטען, ניט אפט, אונגעוועהנליך.
infric'tion *n.* (אינ-פריק'-שאן) איינ= רייבונג.
infrig'idate *v.* (אינ-פרידזש'-אי-דייט) קאלט מאכען.
infrigida'tion *n.* (אינ-פרידזש-אי-דיי'-שאן) דאס קאלט מאכען.
infringe' *v.* (אינ-פרינדזש') ברעכען, איבערטרעטען, עובר זיין; פערלעצען [ווי אימיצענס רעכטען].
infringe'ment *n.* (אינ-פרינדזש'-מענט) די ברעכונג, די איבערטרעטונג [פון א געזעץ]; די פערלעצונג [פון אי= מיצענס רעכטען].
infrin'ger *n.* (אינ-פרינ'-דזשער) איי= נער וואס טרעט איבער אדער איז עובר אויף עפעס; איינער וואס פערלעצט [אי= מיצענס רעכט].
infruc'tuose *a.* (אינ-פראק'-טשו-אוס) ז. *infructuous*.
infruc'tuous *a.* (אינ-פראק'-טשו-אס) אונפרוכטבאר; ניט פראדוקטיוו; וואס טראגט ניט איין קיין פראפיט.
infruc'tuously *adv.* (אינ-פראק'-טשו-אס-לי) אויף אן אונפרוכטבארען אדער אונפראדוקטיווען אופן; נוצלאז.
infru'gal *a.* (אינ-פרו'-געל) ניט שפאר= זאם, פערשווענדעריש, אויסברייינגעריש.
in full ac'tion (אין פול עק'-שאן) אין פולען גאנג, אין פולען בעטריעב.
in'fumate *v. and a.* (אינ'-פיו-מייט) דורכרויכערען, אויסטריקענען מיט רויך; בעדעקט אדער פערצויגען ווי מיט א רויך.
infuma'tion *n.* (אינ-פיו-מיי'-שאן) דאס דורכרויכערען; דאס טריקענען אין רויך.
infund' *v.* (אינ-פאנד') אריינגיסען, אריינשיטען.
infundib'ular *a.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לאר) ז. *infundibuliform*.
infundib'ulate *a.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לייט) ז. *infundibuliform*.
infundib'uliform *a.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א לייקע.
infundib'ulum *n.* (אינ-פאנ-דיב'-יו-לאם) א גליעד אדער ארגאן וואס האט די פארם פון א לייקע.
in funds (אין פאנדז) ביי געלד.
The city is not in funds this year to build the bridge.
infurca'tion *n.* (אינ-פויר-קיי'-שאן) די אויסשפרייטונג ווי א גאפעל.
infu'riate *v. and a.* (אינ-פיו'-רי-אייט) מאכען ווילטהענד; אריינברייינגען אין גרוים צארן; ווילטהענד, זעהר צארנ= דיג.
infu'riated *a.* (אינ-פיו'-רי-איי-טעד) שטארק צארנדיג; ווילטהענד.
infus'cate *v. and a.* (אינ-פאס-קייט) שווארץ אדער דונקעל מאכען; בעצויגען ווי מיט א דונקעלען וואלקען.
infusca'tion *n.* (אינ-פאס-קיי'-שאן) דאס מאכען שווארץ אדער דונקעל; דאס זיין דונקעל.
infuse' *v.* (אינ-פיוז') אריינגיסען; איינפליסען אדער אריינגעבען [געדאנ= קען, מוטה, א. ד. ג.]; איינטונקען; איינ= ווייקען; אויפגיסען [ווי מען טהוט עס אויף פרוכטען ארויסצובעקומען פון זיי זייער עקסטראקט]; דורכנעצען, דורכ= ווייקען.
infu'ser *n.* (אינ-פיו'-זער) איינער אדער עפעס וואס פליסט איין.
infusibil'ity *n.* (אינ-פיו-זי-ביל'-אי-טי) אונשמעלצבארקייט; דאס קענען אריינגעגאסען ווערען.
infu'sible *a.* (אינ-פיו'-זיבל) אונ= שמעלצבאר; וואס קען אריינגעגאסען ווע= רען.
infu'sibleness *n.* (אינ-פיו'-זיבל-נעס) ז. *infusibility*.
infu'sion *n.* (אינ-פיו'-זשאן) דאס אריינגיסען; דאס אויפגיסען; דער אויפ= גוס; די איינפליסונג אדער די אריינגע= בונג [פון געדאנקען, מוטה א. ד. ג.]; דאס איינווייקען פלאנצען, פרוכטען א. ד. ג. אין א פליסיגקייט אום ארויסצובעקומען פון זיי דעם עקסטראקט; א פליסיגקייט מיט וועלכער עס איז ארויסגעצויגען גע= ווארען דער עקסטראקט פון פלאנצען אדער פרוכטען.
infu'sive *a.* (אינ-פיו'-סיוו) וואס פליסט איין, וואס האט איינפלוס=קראפט; וואס קען איינגעווייקט ווערען.
Infuso'ria *n.* (אינ-פיו-סאו'-רי-א) די אינפוזאריען [קליינינקע מיקראסקאפישע בעשעפענישען אדער ארגאניזמען וועלכע געפינען זיך אין פוילענדער ארגאנישע שטאפען אדער אין וואסער].

Infusoria

infuso'rial *a.* (אינ-פיו-סאו'-רי-על) וואס ענטהאלט אינפוזאריען; וואס האט דעם כאראקטער פון אינפוזאריען. ז. *Infusoria*.
infuso'rial earth (אינ-פיו-סאו'-רי-על אירטה) אזא פיינע זארט ווייסליכע ערד, עהנליך צו מאגנעזיע, וואס בעשטעהט הויפטזעכליך פון זעהר קליינע פלאנצען= ארגאניזמען.
infuso'rian *a. and n.* (אינ-פיו-סאו'-רי-ען) וואס ענטהאלט אינפוזאריען, עהנ= ליך צו אינפוזאריען; אן אינפוזאריע.
infuso'riform *a.* (אינ-פיו-סאו'-רי-פארם) וואס האט די פארם פון אן אינ= פוזאריע. ז. *Infusoria*.
infuso'rium *n.* (אינ-פיו-סאו'-רי-אם) אן אינפוזאריע. ז. *Infusoria*.
infu'sory *a. and n.* (אינ-פיו'-סא-רי) ז. *infusorian*.
in futu'ro (אין פיו-טיו'-ראו) אין דער צוקונפט.
ingath'er *v.* (אינ-געטה'-ער) איינזאמ= לען; צונויפזאמלען.
ingath'erer *n.* (אינ-געטה'-ע-רער) א שניטער; איינער וואס נעהמט צוזאמען די תבואה פון פעלד.
in'gathering *n.* (אינ'-געטה-ער-אינג) צונויפזאמלונג; דאס צונויפנעהמען די תבואה פון פעלד.
ingel'able *a.* (אינ-דזשעל'-עבל) וואס מען קען ניט מאכען איינפריערען אדער פערגליווערען.
ingem'inate *v. and a.* (אינ-דזשעמ'-

אי-נייט) ווידערהאלען, איבער'חזר'ן; ווידערהאלט, איבער'גע'חזר'ט.

ingemina'tion *n.* (אין-דזשעמ-אי-ניי'-שאן) ווידערהאלונג; דאס איבער'חזר'ן.

ingene' *n.* (אין-דזשיען') גייסט, געניאליטעט, פערשטאנד, זינרייכקייט.

ingen'erable *a.* (אין-דזשענ'-ע-רעבל) וואס קען ניט פראדוצירט, ערצייגט אדער ארויסגעבראכט ווערען.

ingen'erate *v. and a.* (אין-דזשענ'-ע רייט) ערצייגען, פראדוצירען, ארויסבריינגען; ניט ערצייגט, ניט פראדוצירט אדער ניט געבראכט אין עקזיסטענץ; איינגעבארען.

ingenera'tion *n.* (אין-דזשענ-ע-ריי'-שאן) דאס ערצייגען, דאס פראדוצירען, דאס ארויסברייגגען.

inge'nious *a.* (אין-דזשי'-ניאס) געניאל, זינרייך, שארפזיניג; גייסטרייך.

inge'niously *adv.* (אין-דזשי'-ניאס-לי) אויף א געניאלען אדער גייסטרייכען אופן; מיט שארפזין; זינרייך.

inge'niousness *n.* (אין-דזשי'-ניאס-נעס) געניאליטעט; שארפזיניגקייט; דאס זיין זינרייך אדער גייסטרייך.

ingen'ital *a.* (אין-דזשענ'-אי-טעל) נאטירליך, איינגעבארען.

ingénue' *n.* (אין-זשיי-ניע') אן אויפריכטיגע, אפענהערציגע אדער נאאיווע פרוי אדער מיידעל; אן אקטריסע וועלכע שפיעלט די ראלע פון אן אויפריכטיגער, אפענהערציגער אדער נאאיווער פרוי אדער מיידעל.

ingenu'ity *n.* (אין-דזשי-ניו'-אי-טי) געניאליטעט; דאס זיין שארפזיניג, ערפינדעריש, גייסטרייך אדער זינרייך.

ingen'uous *a.* (אין-דזשענ'-יו-אס) פריימיטיג; אויפריכטיג, אפענהערציג; עדעל, ערהאבען, נאבעל.

ingen'uously *adv.* (אין-דזשענ'-יו-אס-לי) אויף אן אפענהערציגען אדער אויפריכטיגען שטייגער; פריימיטיג.

ingen'uousness *n.* (אין-דזשענ'-יו-אס נעס) פריימיטיגקייט, אויפריכטיגקייט, אפענהערציגקייט; נאאיוויטעט.

inger'minate *v.* (אין-דזשויר'-מי-נייט) בריינגען צום אויסשפראצען.

ingest' *v.* (אין-דזשעסט') אריינבריינגען אדער אריינפיהרען [אין מאגען].

inges'ta *n.* (אין-דזשעס'-טא) שטאפען וואס ווערען אריינגעבראכט אין שפייזקאנאל; א זאך וואס ווערט אריינגענומען אין געדאנקען.

inges'tion *n.* (אין-דזשעס'-טשאן) דאס אריינבריינגען, דאס אריינפיהרען [אין מאגען].

inglo'bate *a.* (אין-גלאו'-בייט) וואס איז צונויפגעקייקעלט ווי א קנויל, וואס איז געפארמט ווי א קוגעל אדער באל.

inglobe' *v.* (אין-גלאוב') אויסמאכען ווי א קנויל אדער ווי א באל.

inglo'rious *a.* (אין-גלאו'-רי-אס) אונבעריהמט, אונבעקאנט; שאנדהאפט.

inglo'riously *adv.* (אין-גלאו'-רי-אס-לי) אהן בעריהמטקייט, ניט בעקאנט; אויף א שענדליכען אופן.

inglo'riousness *n.* (אין-גלאו'-רי-אס-נעס) אונבעריהמטקייט, דאס זיין אונבעקאנט, שאנדהאפטיגקייט.

inglu'vial *a.* (אין-גלוה'-ווי-על) וואס איז שייך צום פאדערמאגען אדער קראפ [וואליע].

inglu'vies *n.* (אין-גלוה'-ווי-איז) דער פאדער-מאגען, קראפ, וואליע.

inglu'vin *n.* (אין-גלוה'-ווין) א מיטעל געגען ברעכען [געמאכט פון דעם מאגען פון עופות].

in'going *a. and n.* (אינ'-גאו-אינג) וואס קומט אריין; אריינקומענדיג; דאס אריינקומען; אריינגאנג.

in good shape (אין גוד שייפ) אין גוטען צושטאנד; אין גוטען געזונד-צושטאנד.

in'got *n.* (אינ'-גאט) א גוס-פורעם [פאר מעטאלען]; א שטיק מעטאל אבגעגאסען אין א גוס-פורעם.

in'got-i'ron *n.* (אינ'-גאט-אי'-ערן) פלוס-אייזען אדער פלוס-שטאהל [א געוויסער זארט שטארקער אייזען פון וועלכען עס ווערען הויפטזעכליך געמאכט אייזענבאהן-רעלסען].

in'got-mold *n.* (אינ'-גאט-מאולד) א גוס-פורעם [פאר מעטאלען].

in'got-steel *n.* (אינ'-גאט-סטיעל) ז. *ingot-iron*

ingraft' *v.* (אין-גרעפט') אריינזעצען, איינפלאנצען [ווי א צווייג פון איין בוים אין אן אנדערען]; איינוואורצלען.

ingraf'ted *a.* (אין-גרעפ'-טעד) אריינגעזעצט [ווי א צווייג פון איין בוים אין א צווייטען]; איינגעווארצעלט; טיעף [ווענן א געפיהל].

ingraf'ter *n.* (אין-גרעפ'-טער) איינער וואס זעצט אריין צווייגען פון איין בוים אין אן אנדערען; איינער וואס פלאנצט איין אדער ווארצעלט איין.

ingraft'ment *n.* (אין-גרעפט'-מענט) דאס אריינזעצען א צווייג פון איין בוים אין אן אנדערען; דאס אריינגעזעצטע צווייגעל; איינפלאנצונג, איינוואורצלונג.

in'grain *a. and n.* (אינ'-גריין) געפארבט נאך אלס רויהער מאטעריאל [וועגען געוועבטע שטאפען]; וואס איז שייך צום רויהען מאטעריאל [פון געוועבטע שטאפען]; א געוועבטער שטאף געמאכט פון רויהען מאטעריאל וואס איז געפארבט מיט שארפע דויערענדע פארבען.

ingrain' *v.* (אין-גריין') פארבען מיט א געוויסער דויערענדער טיעפער רויטער פארב; פארבען מיט א דויערענדער טיעפער פארב; פארבען די וואל אדער אנדער מאטעריאל רויהערהייד פאר'ן פאבריצירען; דורכנעהמען דורך און דורך; פעסט איינווארצלען.

in'grain col'oring (אינ'-גריין קאל'-אר-אינג) דאס פארבען רויהע וואל אדער בכלל רויהע וועב-שטאפען.

in'gram ap'ple (אינ'-גרעם עפל) אזא מין רויטער עפעל.

intermis′sion *n.* (אינ-טער-מיש׳-אַן) אַ אונטערברעכונג; אַ אַבשטעל; אַן אַנ־טראַקט אין טעאַטער; אַ צווישען־פּויזע אין שול צווישען איין לעקציאָן און דער צווייטער.

intermis′sive *a.* (אינ-טער-מיס׳-איוו) אונטערבראָכען; אַבגעשטעלט אויף אַ צייט.

intermit′ *v.* (אינ-טער-מיט׳) צייטענווייז אונטערברעכען אדער אויפהערען; נאָכלאָ־זען; אַבשטעלען זיך אויף אַ צייט.

intermit′tence *n.* (אינ-טער-מיט׳-ענס) אַ אונטערברעכונג; אַ צייטווייליגע אויפ־הערונג, אַ הפסקה.

intermit′tency *n.* (אינ-טער-מיט׳-ענ-סי) ז. *intermittence*

intermit′tent *a.* and *n.* (אינ-טער-מיט׳-ענט) צייטווייליג אונטערברעכענד, אויפהערענד; נאָכלאָזענד [פון אַ קראַנק־הייט]; קדחת, וואָס הערט צייטווייליג אויף און הויבט זיך ווייעדער אָן.

intermit′tently *adv.* (אינ-טער-מיט׳-ענט-לי) מיט הפסקות.

intermit′ting *a.* (אינ-טער-מיט׳-אינג) וואָס שטעלט זיך אַב אויף אַ צייט און הויבט ווייעדער אָן.

intermit′tingly *adv.* (אינ-טער-מיט׳-אינג-לי) מיט אונטערברעכונגען.

intermix′ *v.* (אינ-טער-מיקס׳) צוזאַ־מענמישען, אויסמישען.

intermix′edly *adv.* (אינ-טער-מיק׳-סעד-לי) אין אַ אויסגעמישטען שטייגער; ניט מאַכענדיג קיין אונטערשיעד צווישען איין טייל און אַ אנדערען.

intermix′ture *n.* (אינ-טער-מיקס׳-טשור) אַ אויסמישונג, אַ מישונג; אַ מאַ־סע וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון דעם צוזאַמענמישען פון פערשיעדענע עלעמענ־טען.

intermoun′tain *a.* (אינ-טער-מאַונ׳-טען) וואָס געפינט זיך צווישען בערג.

intermun′dane *a.* (אינ-טער-מאַנ׳-דיין) וואָס ליעגט צווישען וועלטען; וואָס געפינט זיך צווישען די הימלישע קערפּער [ווי די זון, פּלאַנעטען און שטערען].

intermun′dian *a.* (אינ-טער-מאַנ׳-די-ען) ז. *intermundane*

intermu′ral *a.* (אינ-טער-מיו׳-רעל) וואָס געפינט זיך צווישען ווענד.

intermus′cular *a.* (אינ-טער-מאַס׳-קיו-לאַר) וואָס געפינט זיך צווישען די מוס־קעלען.

intern′ *v.*, *n.* and *a.* (אינ-טוירן׳) שיי־קען אין די אינערליכע טיילען פון לאַנד; איינשפּאַרען אין אדער בעשרענקען מיט אַ בעשטימטען פּלאַץ; אַן אַסיסטענט [הויפּטזעכליך איינער וואָס נעהמט ערשט פּראַקטיצירען] פון אַ האָספּיטאַל־דאָקטאָר; איינער וואָס געפינט זיך אין אַ געוויסען פּלאַץ אדער אנשטאַלט; אינערליך.

inter′nal *a.* (אינ-טויר׳-נעל) אינווע־ניג; אינערליך; וואָס איז שייך צו די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון אַ לאַנד.

internal′ity *n.* (אינ-טויר-נעל׳-אי-טי) אינוועניגקייט, אינערליכקייט.

inter′nally *adv.* (אינ-טויר׳-נעל-אי) אינוועניג, אינערליך; בנוגע צו די אי־נערליכע אנגעלעגענהייטען; גייסטיג, אין גייסט.

inter′nal neces′sity (אינ-טויר׳-נעל נע-סעס׳-אי-טי) אַן אינערליכע נויטווענ־דיגקייט [אַ נויטווענדיגקייט וואָס שטאַמט ארויס פון דער נאַטור פון דער זאַך אַליין].

inter′nal rev′enue (אינ-טויר׳-נעל רעוו׳-ע-ניו) די איינקינפטע פון אַ מדינה, וואָס זי האָט פון צאָל אויף פּראָדוקטען וועלכע ווערען פּראָדוצירט אין לאַנד, פון שטייערן אויף איינענטום, אַקציז א. ד. ג.; אַלע איינקינפטע פון אַ מדינה אויסער דעם צאָל אויף אויסלענדישע סחורות.

interna′rial *a.* (אינ-טויר-ניי׳-רי-על) ז. *internasal*

interna′sal *a.* (אינ-טויר-ניי׳-זעל) וואָס געפינט זיך צווישען די נאָז־לעכער, וואָס טיילט פאַנאַנדער די נאָז־לעכער.

interna′tion *n.* (אינ-טויר-ניי׳-שאַן) דאָס שיקען [וואַרפען] אין די אינערליכע טיילען פון לאַנד; איינשפּאַרונג אדער פערשיקונג [הויפּטזעכליך פון קריעגס־

געפאנגענע] אין די אינערליכע טיילען פון לאנד.

interna'tional *a.* (אינ-טער-נעש'-אנ-על) אינטערנאציאנאל, צווישענפעלקערליך [וואס איז נוגע צוויי אדער מעהרערע פעלקער].

Interna'tional *n. and a.* (אינ-טער-נעש'-אנ-על) די אינטערנאציאנאלע [די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע ארבייטער=ארגאניזאציאן, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1864 און איז זיך צופאלען אין 1873]; אן אנהענגער אדער מיטגליעד פון דער אינטערנאציאנאלע; וואס איז שייך צו דער אינטערנאציאנאלע.

Interna'tionalism *n.* (אינ-טער-נעש'-אנ-על-איזם) די פרינציפען פון דער אינטערנאציאנאלע. ז. *International*

interna'tionalist *n.* (אינ-טער-נעש'-אנ-על-איסט) איינער וואס פארשט אויס, לערענט אדער האלט פון'ם אינטערנאציאנאלען רעכט.

Interna'tionalist *n.* (אינ-טער-נעש'-אנ-על-איסט) אן אנהענגער אדער מיטגליעד פון דער אינטערנאציאנאלע. ז. *International*

interna'tionalize *v.* (אינ-טער-נעש'-אנ-על-איז) מאכען אינטערנאציאנאל, מאכען אז עס זאל האבען א שייכות צו מעהרערע נאציאנען.

interna'tional law (אינ-טער-נעש'-אנ-על לאה) דאס אינטערנאציאנאלע רעכט [די געזעצען וואס רעגולירען די בעציהונגען צווישען פערשיעדענע אונאבהענגיגע פעלקער].

interna'tionally *adv.* (אינ-טער-נעש'-אנ-על-אי) אין בעצוג צו אינטערנאציאנאלע אדער צווישענפעלקערליכע בעציהונגען; פון אן אינטערנאציאנאלען שטאנדפונקט.

interna'tional trade (אינ-טער-נעש'-אנ-על טרייד) אינטערנאציאנאלער האנדעל [צווישען פערשיעדענע אונאבהענגיגע לענדער].

interne'cine *a.* (אינ-טער-ני'-סין) פערניכטענד; טויטליך; מערדעריש.

interne'cine war (אינ-טער-ני'-סין וואהר) א מלחמה אויף טויט און אויף לעבען; א פערניכטונגס=מלחמה.

intern'ment *n.* (אינ-טוירנ'-מענט) דאס שיקען אדער פערשיקען אין די אינערליכע טיילען פון לאנד. ז. *internation*

in'ternode *n.* (אינ'-טער-נאוד) דאס שטיק וואס געפינט זיך צווישען צוויי קנאטען פון א פלאנצע אדער געלענקען פון א קערפער [הויפטזעכליך פון די פינגער].

interno'dium *n.* (אינ-טער-נאו'-די-אם) ז. *internode*

in'ter nos (אינ'-טער נאוס) צווישען אונז גערעדט, צווישען אונז זאל עס בלייבען.

internun'cial *a.* (אינ-טער-נאנ'-שעל) וואס איז שייך צו אן אינטערנונציוס [א פאפסטליכער פערטרעטער ביי א רעגיערונג פון צווייטען ראנג] אדער צו זיין אמט; אין פיזיאלאגיע — וואס איז שייך צו דער פונקציאן פון דעם נערווען=סיסטעם צו פעראייניגען פערשיעדענע קערפער־טיילען.

internun'cio *n.* (אינ-טער-נאנ'-שי-או) אן אינטערנונציוס [דעם פאפסט'ס א פארשטעהער ביי א רעגיערונג פון צווייטען ראנג]; א שליח צווישען צוויי צדדים.

internun'cius *n.* (אינ-טער-נאנ'-שי-אס) ז. *internuncio*

internup'tial *a.* (אינ-טער-נאפ'-שעל) וואס איז שייך צו דער צייט צווישען איין הייראט און דער צווייטער [פון דערזעלבער פערזאן]; וואס איז שייך צו א געמישטער הייראט. ז. *intermarriage*

interocean'ic *a.* (אינ-טער-או-שי-ענ'-איק) וואס ליגט צווישען צוויי אקעאנען; וואס ציהט זיך פון איין אקעאן צום צווייטען [הויפטזעכליך פון אטלאנטישען צום פאסיפישען].

interoc'ular *a.* (אינ-טער-אק'-יו-לאר) וואס געפינט זיך צווישען די אויגען.

interor'bital *a.* (אינ-טער-אהר'-בי-טעל) וואס געפינט זיך צווישען די ארביטען [קרייזען] פון די אויגען.

interos'seal *a.* (אינ-טער-אס'-אי-על) ז. *interosseous*

interos'seous *a.* (אינ-טער-אס'-אי-אס) וואס געפינט זיך צווישען צוויי אדער עטליכע ביינער פון קערפער.

interos'seus *n.* (אינ-טער-אס'-אי-אס) א מוסקעל וואס געפינט זיך צווישען צוויי ביינער.

interpage' *v.* (אינ-טער-פיידזש') אריינשטעלען זייטען [בלעטער] אין א בוך; אריינשטעלען ליטערארישע זאכען [אין מיטען פון א בוך].

interparliamen'tary *a.* (אינ-טער-פאר-לי-מענ'-טע-רי) געמיינשאפטליך פאר פארלאמענטען פון פערשיעדענע לענדער.

interpel'lant *n.* (אינ-טער-פעל'-ענט) אן אינטערפעלאנט, אן אינטערפעלאטאר, איינער וואס שטעלט א פראגע אדער מאכט אן אנפראגע [הויפטזעכליך צו א מיניסטעריום אדער צו דער רעגיערונג אין א פארלאמענט]; איינער וואס בעט, איינער וואס איז א מליץ פאר א צווייטען.

interpel'late *v.* (אינ-טער-פעל'-אייט) אנפרעגען, אינטערפעלירען. ז. *interpellation*

interpella'tion *n.* (אינ-טער-פע-ליי'-שאן) אן אינטערפעלאציאן [אן אנפראגע געווענדעט צו א רעגיערונגס=מיטגליעד אדער צו א מיניסטעריום אין א פארלאמענט]; אן עפענטליכע אנפראגע; אן אויפפאדערונג פון א געריכט; אונטערברעכונג פון א רעדע [מיט א פראגע]; דאס בעטען, דאס זיין א מליץ פאר אימעצען.

interpen'etrate *v.* (אינ-טער-פענ'-אי-טרייט) געמיינזאם דורכדרינגען [איינס אין אנדערען]; דורכדרינגען איבעראל אדער דורך און דורך; זיך צוזאמענגיסען דורך געמיינזאמען דורכדרינגען.

interpenetra'tion *n.* (אינ-טער-פענ-אי-טריי'-שאן) געמיינזאמע דורכדרינגונג; צוזאמענגיסונג אין איין גאנצעס דורך געמיינזאמען דורכדרינגען.

interpen'etrative *a.* (אינ-טער-פענ'-אי-טריי-טיוו) געמיינזאם דורכדרינגענד [איינע אין די אנדערע].

interper'meate *v.* (אינ-טער-פויר'-מי-אייט) ז. *interpenetrate*

interplait' *v.* (אינ-טער-פלייט') איינפלעכטען [ווי צעפ אדער אין צעפ].

interplan'etary *a.* (אינ-טער-פלענ'-עט-ע-רי) וואס געפינט זיך צווישען די פלאנעטען; וואס געפינט זיך אין דער זונען=סיסטעם, אבער ניט אין דער אטמאספערע פון דער זון אדער פון די פלאנעטען.

in'terplay *n.* (אינ'-טער-פליי) געמיינזאמע ווירקונג [איינס אויף'ן אנדערען].

interplead' *v.* (אינ-טער-פליעד') פראצעסירען אום צו בעשטימען ווער פון די פאדערער איז דער גערעכטער [ווענען א פראצעס, וואו עס טרעטען אויף מעהרערע קלעגער, וועלכע פאדערען פון איינעם געלד אדער סחורות און דער ריכטער האט צו בעשטימען ווער עס איז דער גערעכטער]; בעהאנדלען אין א פראצעס א צווייטיגען פונקט, איידער מען קומט צו דעם הויפט=פונקט.

interplea'der *n.* (אינ-טער-פליע'-דער) א פראצעס וואו איינער, פון וועלכען צוויי אדער מעהרערע פערזאנען פאדערען געלד אדער סחורות, פערלאנגט פון ריכטער, אז ער זאל בעשטימען ווער פון די פאדערער איז דער גערעכטער; א פראצעס, וואו דער ריכטער דארף ענטשיידען צווישען די קרעדיטארען אדער מאהנער ווער פון זיי איז דער בערעכטיגטער.

interpledge' *v.* (אינ-טער-פלעדזש') געגענזייטיג זיך פערבינדען דורך משכנות.

inter'polable *a.* (אינ-טויר'-פא-לעבל) וואס קען איינגעשאלטעט אדער אינטערפאלירט ווערען [וואס קען אריינגעשטעלט ווערען אין א שריפט, ווי א ווארט, א זאץ אדער א פראזע].

interpo'lar *a.* (אינ-טער-פאו'-לאר) איינגעשאלטעט, אריינגעשטעלט צווישען די פאלען, ווי פון אן עלעקטרישער באטעריי.

inter'polary *a.* (אינ-טויר'-פא-לע-רי) אינטערפאלירט. ז. *interpolation*

inter'polate *v.* (אינ-טויר'-פא-לייט) איינשאלטען, אינטערפאלירען [אריינשטעלען א ווארט, א זאץ אדער א פראזע אין א שריפט]; ענדערען דעם טעקסט פון א שריפט אדער בוך דורך אריינשטעלען נייע=ווערטער אדער זעצע; אריינשטעלען ווערטער אין א שריפט אום זי צו פעלשען; אין מאטעמאטיק — אריינשטעלען אין א סעריע פון צאהלען נייע צאהלען=גליעדער.

inter'polater *n.* (אינ-טויר'-פא-ליי-טער) ז. *interpolator*

interpola'tion *n.* (אינ-טויר-פא-ליי'-שאן) אן אינטערפאלאציאן, אן אריינשטעלונג פון נייע ווערטער אדער אויסדריקע אין א שריפט אדער בוך; די פעלשונג פון א טעקסט דורך אריינשטעלען נייע ווערטער; עטוואס וואס איז אינטערפאלירט אדער אריינגעשטעלט אין א טעקסט; אין מאטעמאטיק — דאס אינטערפאלירען, דאס אויסגעפינען די צווישען=ווערטהען פון א קוואנטיטעט פון א סעריע געגעבענע ווערטהען.

inter'polative *a.* (אינ-טויר'-פא-ליי-טיוו) אינטערפאלאטיוו, וואס האט דעם כאראקטער פון אן אינטערפאלאציאן. ז. *interpolation*

inter'polator *n.* (אינ-טויר'-פא-ליי-טאר) איינער וואס שטעלט אריין צוגעלעגטע ווערטער אדער אויסדריקע אין א טעקסט; א פערפעלשער פון א שריפט אדער פון א בוך; אן עלעקטרישער אויטאמאטישער איינשאלטער [שטראם=שליסער] פאר אן אונטער=וואסער קריעגס=שיף.

interpor'tal *a.* (אינ-טער-פאור'-טעל) וואס געפינט זיך צווישען פארטען.

interpo'sal *n.* (אינ-טער-פאו'-זעל) ז. *interposition*

interpose' *v.* (אינ-טער-פאוז') לעגען צווישען; אונטערברעכען; זיך ארייננמישען; ארייננפאלען אין די רייד.

interpo'ser *n.* (אינ-טער-פאו'-זער) א פערמיטלער; איינער וואס מישט זיך אריין אין מיטען.

interposi'tion *n.* (אינ-טער-פא-זיש'-אן) די צווישענשטעלונג; די פערמיטלונג, דאס ארייננמישען זיך.

inter'pret *v.* (אינ-טויר'-פרעט) ערקלערען; פערטייטשען, אויסטייטשען; איבערזעצען.

inter'pretable *a.* (אינ-טויר'-פרע-טעבל) ערקלערבאר; איבערזעצבאר; וואס מען קען אויסטייטשען.

interpreta'tion *n.* (אינ-טויר-פרע-טיי'-שאן) אן ערקלערונג; א פערטייטשונג; אן איבערזעצונג.

interpreta'tional *a.* (אינ-טויר-פרע-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אדער וואס האט דעם כאראקטער פון אן ערקלערונג אדער פערטייטשונג.

inter'pretative *a.* (אינ-טויר'-פרע-טיי-טיוו) ערקלערענד; פערטייטשענד.

inter'pretatively *adv.* (אינ-טויר'-פרע-טיי-טיוו-לי) ערקלערענדיג, פערטייטשענדיג; דורך ערקלערונג, דורך פערטייטשונג.

inter'preter *n.* (אינ-טויר'-פרע-טער) אן ערקלערער; א פערטייטשער; א דאלמעטשער, אן איבערזעצער.

interpunc'tion *n.* (אינ-טויר-פאנק'-שאן) דאס אינטערפונקטירען, דאס שטעלען שרייב-צייכען אדער פונקטען צווישען ווערטער און זעצע [ווי א קאמא, פונקט, זעמיקאלאן א. ז. וו.].

interpunc'tuate *v.* (אינ-טויר-פאנק'-טשו-אייט) אינטערפונקטירען, שטעלען שרייב-צייכען אדער פונקטען צווישען די ווערטער [ווי א קאמא, פונקט, זעמיקאלאן א. ז. וו.].

interpunctua'tion *n.* (אינ-טויר-פאנק-טשו-איי'-שאן) ז. *interpunction*

interra'cial *a.* (אינ-טער-ריי'-שיעל) וואס געפינט זיך אדער עקזיסטירט צווישען פערשיעדענע ראסען.

interra'dial *a. and n.* (אינ-טער-ריי'-די-על) וואס געפינט זיך צווישען די שטראהלען; א שטראהל וואס געפינט זיך צווישען שטראהלען.

interra'dially *adv.* (אינ-טער-ריי'-די-על-אי) צווישען שטראהלען.

interre'gal *a.* (אינ-טער-רי'-געל) וואס איז אדער עקזיסטירט צווישען קעניגע.

interre'gional *a.* (אינ-טער-רי'-דזשאנ-על) וואס געפינט זיך צווישען פערשיעדענע רעגיאנען [געגענדען].

interreg'num *n.* (אינ-טער-רעג'-נאם) א צווישען-רעגיערונג, א צווישען-הערשאפט [די צייט צווישען דער רעגיערונג פון א הערשער און זיין נאכפאלגער איז וועלכער דער טהראן בלייבט ליידיג]; אן אונטערברעכונג אין דער פארטזעצונג פון א טהעטיגקייט, איינפלוס א. ד. ג.

interrela'tion *n.* (אינ-טער-רי-ליי'-שאן) א געגענזייטיגע בעציהונג.

inter'rer *n.* (אינ-טויר'-ער) א בעגרעבער, א קברן.

in'terrex *n.* (אינ'-טער-רעקס) אין אלטען רוים — דער אינטעררעקס אדער רעגענט, איינער וועלכער פלעגט רעגיערען אין דער צווישען-צייט צווישען איין געזעליכען הערשער און דעם צווייטען.

inter'rogate *v.* (אינ-טער'-א-גייט) פרעגען; פערהערען; שטעלען פראגען; עקזאמענירען.

interroga'tion *n.* (אינ-טער-א-גיי'-שאן) דאס פרעגען; א פראגע; דאס פערהערען; א פערהער.

interroga'tion-point *n.* (אינ-טער-א-גיי'-שאן-פאינט) א פראגע-צייכען [?].

interrog'ative *a. and n.* (אינ-טע-ראג'-ע-טיוו) פרעגענדיג; א פראגע; אין גראמאטיק — א פראגע-ווארט.

interrog'atively *adv.* (אינ-טע-ראג'-ע-טיוו-לי) אין דער פארם פון א פראגע.

inter'rogator *n.* (אינ-טער'-א-גיי-טאר) א פרעגער; א פראגע-שטעלער.

interrog'atories *n.* (אינ-טע-ראג'-ע-טא-ריז) פראגע-פונקטען פון א פראצעס אדער פון אן אויספארשונג, וועלכע ווערען געשטעלט די עדות אדער די צדדים.

interrog'atory *a. and n.* (אינ-טע-ראג'-ע-טא-רי) פרעגענד; וואס ענטהאלט אדער דריקט אויס א פראגע; פראגע-פונקטען פון א פראצעס אדער פון אן אויספארשונג, וועלכע ווערען געשטעלט די עדות אדער די צדדים.

in terro'rem (אין טע-ראו'-רעם) אלס א ווארנונג, אזהרה אדער אנשרעקונג.

interrule' *v.* (אינ-טער-רוהל') ארייננצייכענען ליניעס צווישען.

interrupt' *v.* (אינ-טער-ראפט') אונטערברעכען, שטערען.

interrup'ted *a.* (אינ-טער-ראפ'-טעד) אונטערבראכען; ניט גלייכמעסיג, ניט רעגעלמעסיג; פלעצליך זיך אבגעשטעלט.

interrup'tedly *adv.* (אינ-טער-ראפ'-טעד-לי) מיט אונטערברעכונגען.

interrup'ter *n.* (אינ-טער-ראפ'-טער) אן אונטערברעכער; אן עלעקטרישער שטראם-אונטערברעכער.

interrup'tion *n.* (אינ-טער-ראפ'-שאן) אן אונטערברעכונג, א שטערונג.

interrup'tive *a.* (אינ-טער-ראפ'-טיוו) אונטערברעכענד; וואס האט די נייגונג צו אונטערברעכען.

interrup'tively *adv.* (אינ-טער-ראפ'-טיוו-לי) דורך אונטערברעכונג.

interrup'tor *n.* (אינ-טער-ראפ'-טאר) ז. *interrupter*

interscap'ular *a. and n.* (אינ-טער-סקעפ'-יו-לאר) וואס געפינט זיך צווישען די בלאט-ביינער פון די אקסלען [פלייצעס]; א פעדער אויף דעם פאדערשטען טייל פון רוקען ביי א פויגעל.

interscap'ulary *a. and n.* (אינ-טער-סקעפ'-יו-לע-רי) ז. *interscapular*

interscap'ulum *n.* (אינ-טער-סקעפ'-יו-לאם) דער פאדערשטער טייל פון רוקען ביי פויגעל.

in'terscene *n.* (אינ'-טער-סין) א פויזע צווישען צוויי סצענעס פון א טעאטער-שטיק.

interscholas'tic *a.* (אינ-טער-סקא-לעס'-טיק) וואס עקזיסטירט צווישען שוהלען.

Interscholastic athletics are very popular.

interscind' *v.* (אינ-טער-סינד') צושניידען אין צוויי, צושניידען אין מיטען.

interscribe' *v.* (אינ-טער-סקראיב') ארייננשרייבען צווישען.

interse'cant *a.* (אינ-טער-סי'-קענט) וואס שניידען זיך [ווי ליניען]; צוטיילענד.

intersect' *v.* (אינ-טער-סעקט') דורכשניידען; צוטיילען; זיך דורכשניידען; זיך איבערהאקען, זיך קרייצען.

intersec'tion *n.* (אינ-טער-סעק'-שאן) א דורכשניט, א דורכשניידונג; א צוטיילונג; א דורכהאקונג אדער דורכקרייצונג; א קרייצונגס-פונקט, א דורכשניטס-פונקט; אין לאגיק — די בעציהונג פון צוויי קלאסען וואס יעדער פון זיי שליסט איין זיך טיילווייז איין און טיילווייז אויס דעם אנדערען.

intersec'tional *a.* (אינ-טער-סעק'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א דורכשניט אדער דורכשניידונג.

interseg'ment *n.* (אינ-טער-סעג'-מענט) דער פלאץ אדער די פלעכע וואס איז איינגעשלאסען צווישען צוויי סעגמענטען ווי די רינגעלעך פון אן ערד-ווארים.

interseg'mental *a.* (אינ-טער-סעג'-מענ-טעל) וואס איז שייך צו צוויי אדער מעהר סעגמענטען; וואס געפינט זיך צווישען סעגמענטען. ז. *segment*

intersem'inate *v.* (אינ-טער-סעמ'-אי-נייט) זייהען צווישען.

intersex'ual *a.* (אי-טער-סעק'-שו-על) צווישען-געשלעכטליך.

interso'cial *a.* (אינ-טער-סאו'-שעל) וואס קומט פאר צווישען די פערשיעדענע קלאסען פון דער געזעלשאפט; געזעלשאפטליך; געגענזייטיג פערקעהרענד.

intersom'nious *a.* (אינ-טער-סאמ'-ני-אס) וואס איז צווישען דער צייט וואס מען ערוואכט פון שלאף ביז מען שלאפט א צווייטען מאל איין; וואס איז אין דער צייט ווען מען איז וואך.

intersow' *v.* (אינ-טער-סאו') פערזייהען צווישען; אויסזייהען.

in'terspace *n.* (אינ'-טער-ספייס) א צווישען-רוים, א צווישען-ארט.

interspace' *v.* (אינ-טער-ספייס') פערנעהמען אדער אויספילען דעם צווישען-רוים.

in'terspeech *n.* (אינ'-טער-ספיעטש) א צווישען-געשפרעך.

intersperse' *v.* (אינ-טער-ספוירס') דורכשפרענקלען; ארייננמישען צווישען; פאנאנדערזייהען אדער פאנאנדערווארפען צווישען אנדערע זאכען

intersper'sion *n.* (אינ-טער-ספויר'-שאן) דאס דורכשפרענקלען; דאס ארייננמישען צווישען; דאס פאנאנדערזייהען אדער פאנאנדערווארפען צווישען אנדערע זאכען.

interspi'nal *a.* (אינ-טער-ספאי'-נעל) וואס ליעגט צווישען דעם רוקען-ביין.

interspi'nous *a.* (אינ-טער-ספאי'-נאס) ז. *interspinal*

in'terstate *a.* (אינ'-טער-סטייט) צווישען-שטאאטליך, וואס עקזיסטירט צווישען פערשיעדענע שטאאטען.

in'terstate com'merce (אינ'-טער-סטייט קאמ'-אוירס) צווישען-שטאאטליכער האנדעל; דער האנדעלס-פערקעהר צווישען די פערשיעדענע שטאאטען אין אמעריקא.

In'terstate Com'merce Commis'sion (אינ'-טער-סטייט קאמ'-אוירס קא-מיש'-אן) די צווישען-שטאאטליכע האנדעלס-קאמיסיאן אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [א קאמיסיאן פון 5 פערזאן, וועלכע האט די אויפגאבע צו רעגולירען די קאמערציעלע בעציהונגען און די אייזענבאהנען, וועלכע פערקעהרען צווי-

שען די פערשידענע פעראייניגטע שטאא־טען פון נארד־אמעריקא].

interstel'lar *a.* (אינ־טער־סטעל'־אר) וואס געפינט זיך צווישען די שטערען.

interstel'lary *a.* (אינ־טער־סטעל'־ע־רי) ז. *interstellar*.

in'terstice *n.* (אינ'־טער־סטיס) א צוויי־שען־רוים, א צווישען־חלל, א צווישען־שפאלט; אן אבשטאנד; צווישען־צייט.

in'tersticed *a.* (אינ'־טער־סטיסט) וואס האט א צווישען־רוים.

intersti'tial *a.* (אינ־טער־סטיש'־על) צווישען־רוימליך; וואס ענטהאלט א צווי־שען־רוים.

intersti'tially *adv.* (אינ־טער־סטיש'־על־אי) דורך צווישען־רוימען; מיט אן אבשטאנד.

interstratifica'tion *n.* (אינ־טער־סטרעט־אי־פי־קיי'־שאן) אין געאלאגיע — א צווישען־שיכט.

interstrat'ified *a.* (אינ־טער־סטרעט'־אי־פאיד) וואס איז איינגעשלאסען צווי־שען שיכטען; וואס האט די פארם פון צווישען־שיכטען.

interstrat'ify *v.* (אינ־טער־סטרעט'־אי־פאי) אין געאלאגיע — פעראורזאכען צו פערנעהמען א לאגע צווישען שיכטען.

in'terstream *a.* (אינ'־טער־סטרים) וואס ליגענט צווישען צוויי שטראמען.

intertan'gle *v.* (אינ־טער־טענ'גל) צו־נויפפלאנטערען, צונויפדרעהען, צונויפ־שטריקען.

interterrito'rial *a.* (אינ־טער־טער־אי־טאו'־רי־על) אינטערטעריטאריעל, צווישען טעריטאריעס.

intertex'ture *n.* (אינ־טער־טעקס'־טשור) די דורכפלעכטונג אדער דורכווע־בונג; די איינפלעכטונג אדער איינוועבונג.

in'tertie *n.* (אינ'־טער־טאי) א בינד־ריגעל [א האלץ־ריגעל וואס דיענט צו פערבינדען צוויי באלקענס מיט איינאנ־דער].

intertill'age *n.* (אינ־טער־טיל'־עדזש) דאס קולטיווירען דאס לאנד בלויז צווישען די פלאנצען אדער די פערזייהעטע ערטער.

intertranspic'uous *a.* (אינ־טער־טרענ־ספיק'־יו־אס) וואס שיינט דורך צווישען [ווי דורך א שפאלט].

intertri'bal *a.* (אינ־טער־טראי'־בעל) וואס עקזיסטירט צווישען שבטים; וואס געהט פון שבט צו שבט.

intertri'go *n.* (אינ־טער־טראי'־גאו) א לייכטע הויט־ענטצינדונג, וועלכע קומט פון דער רייבונג פון די הויט־טיילען אין די ערטער וואו דאס פלייש האט פאלדען.

intertrop'ical *a.* (אינ־טער־טראפ'־אי־קעל) וואס געפינט זיך צווישען די טרא־פיקען [די געאגראפישע פאראלעל־ליניען אויף'ן ערד־קוגעל, וועלכע געפינען זיך 23½ גראד צו נארד און צו זיד פון'ם עק־וואטאר. דיעזע ליניען זיינען די גרענע־צען פון דעם הייסעסטען טייל אויף'ן ערד־קיגעל].

intertwine' *v.* (אינ־טער־טהוואין') דורכפלעכטען, איינפלעכטען איינס אין אנ־דערען.

intertwine'ment *n.* (אינ־טער־טהוואינ'־מענט) צוזאמענפלעכטונג; גע־פלעכט־ארבייט.

interur'ban *a.* (אינ־טער־אויר'־בען) וואס געפינט זיך צווישען פערשידענע שטעדט; וואס פעראייניגט פערשידענע שטעדט.

in'terval *n.* (אינ'־טער־וועל) אינטער־וואל, א פויזע, צווישען־צייט, צווישען־רוים; א נידריגער טראקט לאנד [הויפט־זעכליך ביים ברעג פון א טייך] צווישען בערג.

in'tervale *n.* (אינ'־טער־וועיל) א ניד־ריגער טראקט לאנד צווישען בערגלעך [הויפטזעכליך ביים ברעג פון א טייך].

interveined' *a.* (אינ־טער־וויינד') דורכ־געצייגעלט; דורכגעוועבט מיט אדערען אדער אזוי ווי מיט אדערען.

interve'nant *n.* (אינ־טער־ווי'־נענט) ז. *intervener*.

intervene' *v.* (אינ־טער־ווין') זיין צווישען; קומען צווישען; אריינקומען אין מיטען, זיך אריינמישען, זיך אריינלעגען אין מיטען, פערמיטלען; זיך אריינמישען און ווערען א צד אין א געריכטליכער קלאגע.

interve'ner *n.* (אינ־טער־ווי'־נער) איינער וואס מישט זיך אריין; א דריטע פערזאן וואס מישט זיך אריין און ווערט א צד אין א געריכטליכער קלאגע.

interve'nience *n.* (אינ־טער־ווי'־ניענס) אריינמישונג, דאס אריינמישען זיך; דאס אריינקומען אין מיטען; פער־מיטלונג.

interve'nient *a.* (אינ־טער־ווי'־ניענט) וואס קומט אריין צווישען; וואס מישט זיך אריין; פערמיטלענד.

interve'ning *a.* (אינ־טער־ווי'־נינג) ז. *intervenient*.

interven'tion *n.* (אינ־טער־ווענ'־שאן) דאס אריינקומען אין מיטען, דאס אריינ־מישען זיך, פערמיטלונג; דאס אריינטרע־טען פון א דריטער פערזאן אלס צד אין א געריכטליכער קלאגע.

interven'tionist *n.* (אינ־טער־ווענ'־שאנ־איסט) אין מעדיצין — איינער וואס גלויבט, אז מען דארף אין געוויסע פעלע ניט איבערלאזען די היילונג צו דער נאטור, נאר צוהעלפען מיט מעדיצינען; איינער וואס דענקט, אז זיין לאנד דארף זיך אריינ־מישען אין די פאליטישע אנגעלעגענהייטען פון אן אנדער לאנד.

interven'tor *n.* (אינ־טער־ווענ'־טאר) א פערמיטלער; אן אויפזעהער אין שאכ־טען.

interver'tebral *a.* (אינ־טער־וואיר'־טי־ברעל) וואס געפינט זיך צווישען די ביינדלעך פון דעם חוט השדרה [רוקען־ביין].

in'terview *n. and v.* (אינ'־טער־וויו) א געשפרעך, אן אונטעררעדונג, אן אינ־טערוויו [א געשפרעך מיט איינעם מיט דעם צוועק צו פערעפענטליכען זיינע ווער־טער]; א צוזאמענקונפט, א צוזאמענטרע־פונג; האבען אן אינטערוויו.

in'terviewer *n.* (אינ'־טער־וויו־ער) אן אינטערוויואירער [א צייטונגס־רעפאר־טער וואס האט אונטעררעדונגען מיט פער־שיעדענע פערזאנען אום צו פערעפענטלי־כען זייערע מיינונגען].

in'terviewing *n.* (אינ'־טער־וויו־אינג) דאס אינטערוויואירען [האבען געשפרע־כען מיט'ן צוועק זיי צו פערעפענטליכען].

intervis'ible *a.* (אינ־טער־וויז'־איבל) געגענזייטיג זיכטבאר; וואס איינער קען זעהן דעם צווייטען; וואס פון איינעם קען מען זעהן דאס צווייטע.

intervis'it *v. and n.* (אינ־טער־וויז'־איט) זיך בעזוכען איינער דעם צווייטען; דאס בעזוכען איינער דעם צווייטען.

intervi'tal *a.* (אינ־טער־וואי'־טעל) וואס געפינט זיך צווישען צוויי לעבענס [דעם לעבען אויף דער וועלט און דעם לעבען אויף יענער וועלט].

intervocal'ic *a.* (אינ־טער־וואו־קעל'־איק) וואס געפינט זיך צווישען וואקאלען.

intervolu'tion *n.* (אינ־טער־וואו־ליו'־שאן) דאס פערוויקלען איינס אין צוויי־טען; דאס פערפלאנטערען, דאס פערדרע־הען איינס אין צווייטען.

intervolve' *v.* (אינ־טער־וואלוו') פער־וויקלען, פערפלאנטערען אדער פערדרע־הען איינס אין צווייטען.

interweave' *v.* (אינ־טער־הוויעוו') צו־זאמענוועבען, איינוועבען איינס אין צוויי־טען, אריינפלעכטען, צוזאמענמישען.

interwea'ving *n.* (אינ־טער־הוויע'־ווינג) צוזאמענוועבונג; אריינפלעכטונג, צוזאמענמישונג.

interwork' *v.* (אינ־טער־הוואירק') גע־מיינזאם ארבייטען, געמיינזאם ווירקען [איינס אויף'ן אנדערען], ארבייטען צווי־שען אדער אין מיטען.

in'terworld *n.* (אינ'־טער־הוואירלד) א צווישען־וועלט, איין וועלט צווישען אנ־דערע.

interwound' *v.* (אינ־טער־הוואונד') געמיינזאם זיך פערוואונדען.

interwove' (אינ־טער־הוואוו') צו־זאמענגעוועבט, אריינגעפלאכטען, צוזא־מענגעמישט. ז. *interweave*.

interwo'ven *a.* (אינ־טער־הוואו'וון) צו־זאמענגעוועבט, אריינגעפלאכטען, צוזאמענ־געמישט. ז. *interweave*.

interwreathe' *v.* (אינ־טער־ריעטה') צוזאמענפלעכטען אין א קראנץ.

interwrought' (אינ־טער־ראהט') געמיינזאם געארבייט, געמיינזאם געווירקט. ז. *interwork*.

intes'table *a.* (אינ־טעס'־טעבל) געזעצ־ליך אונפעהיג צו מאכען א צוואה [ווי אן אידיאט אדער א משוגע'נער].

intes'tacy *n.* (אינ־טעס'־טע־סי) דאס ניט איבערלאזען קיין צוואה, דאס שטאר־בען אהן א צוואה.

intes'tate *a. and n.* (אינ־טעס'־טייט) געשטארבען אהן א צוואה; ניט בעזארגט דורך א צוואה [וועגען פערמעגען]; איי־נער וואס איז געשטארבען אהן א צוואה.

in testimo'nium (אין טעס־טי־מאו'־ני־אם) אלס עדות, אלס בעווייז.

Intesti'na *n.* (אינ־טעס־טאי'־נא) דער מין בויך־ווערים.

intes'tinal *a.* (אינ־טעס'־טי־נעל) וואס געהערט צום איינגעווייד אדער געדערים, וואס געפינט זיך אין די געדערים, וואס האט געדערים.

Intestina'lia *n.* (אינ־טעס־טי־ניי'־לי־א) ז. *Intestina*.

intes'tinal tube (אינ־טעס'־טי־נעל טיוב) דער דארם־קאנאל.

intes'tine *a. and n.* (אינ־טעס'־טין) אינערליך, אינוועניגסט; היימיש [אין געגענזאץ צו אויסלענדיש]; די געדערים.

intes'tines *n.* (אינ־טעס'־טינז) די גע־דערים.

intex'ture *n.* (אינ־טעקס'־טשור) אריינ־וועבונג; איינווירקונג.

in that (אין טהעט) אין דעם; אז; אויף אזוי וויט; ווייל.

in the ab'stract (אין טהי עב'־סטרעקט) אבסטראקט, אין אלגעמיין, אן און פאר זיך.

in the ag'gregate (אין טהי עג'־רי־גייט) צוזאמענגענומען, אין סך הכל.

in the air (אין טהי עהר) אין דער לופט; צוטומעלט, אין עולם התהו; ניט וויסענדיג אויף וואס פאר א וועלט מען איז; אונבעשטימטקייט, דאס הענגען אין דער לופט, ניט פערענדיגט, זיין ניט אהין ניט אהער.

in the course of (אין טהי קאורס אוו) אין פערלויף, אין דער צייט פון... In the course of a month everything will be changed.

in the course of time (אין טהי קאורס אוו טאים) מיט דער צייט.

in the face of (אין טהי פיים אוו) אין דעם אנגעזיכט; אין דער אנוועזענהייט; שטעהענדיג פנים אל פנים; אין אנבעטראכט, אונטער געוויסע אומשטענדען.

in the face of the en'emy (אין טהי פיים אוו טהי ענ'-ע-מי) אונטער דעם שונא'ס פייער.

in the first in'stance (אין טהי פוירסט אינ'-סטענס) ערשטענס, ראשית, קודם כל.

in the first place (אין טהי פוירסט פליים) ערשטענס, קודם כל.

in the flesh (אין טהי פלעש) קערפערליך, גשמיות'דיג, ערדיש [ביבלישער אויסדרוק].

in the grease (אין טהי גריעס) אבגעקארמעט, פעט [וועגען יאגד־טהיערע].

in the in'terim (אין טהי אינ'-טער-אים) דערוויילע, פארלויפיג.

in the long run (אין טהי לאהנג ראן) אין סך הכל; אלס רעזולטאט; ענדליך.

in the main (אין טהי מיין) אין גרונד, איבערהויפט.

in the suds (אין טהי סאדז) אין קלעם, אריינגעפאלען, פערצווייפעלט.

inthral' *v.* (אין-טהראהל') אונטעריאכען, פערשקלאפען.

inthrall' *v.* (אין-טהראהל') ז. *inthral*.

inthrall'ment *n.* (אין-טהראהל'-מענט) ז. *inthralment*.

inthral'ment *n.* (אין-טהראהל'-מענט) קנעכטשאפט, שקלאפעריי, אונטעריאכונג, פערשקלאפונג.

in'timacy *n.* (אינ'-טי-מיי-סי) דאס זיין אינטים, אינינקייט, נאהענטקייט, פערטרויליכקייט; נאהענטע, אינטימע פריינדשאפט.

in'timate *v., a. and n.* (אינ'-טי-מייט) אנדייטען, געבען אנצוהערעניש; לאזען וויסען [הויפטזעכליך אפיציעל]; איניג, אינערליך; איינגעבארען; גענוי, מיט אלע קלענסטע איינצעלהייטען; אינטים, פערטרויליך, נאהענט בעפריינדעט; פריוואט; אן אינטימער פריינד אדער בעקאנטער.

in'timately *adv.* (אינ'-טי-מייט-לי) אויף אן אינטימען, פערטרויליכען, נאהענטען שטייגער; אינערליך; גענוי, מיט אלע איינצעלהייטען.

intima'tion *n.* (אין-טי-מיי'-שאן) אן אנדייטונג, א וואונק, אן אנצוהערעניש; א מיטטיילונג [הויפטזעכליך אן אפיציעלע].

intim'idate *v.* (אין-טימ'-אי-דייט) איינשרעקען.

intimida'tion *n.* (אין-טימ-אי-דיי'-שאן) איינשרעקונג; דאס אבהאלטען דורך געוואלט אדער סטראשונקעס פון טהאן א געזעצליכע פפליכט אדער פון אויסאיבען א געזעצליך רעכט [ווי עדות זאגען אדער אנקלאגען געריכטליך].

intim'idative *a.* (אין-טימ'-אי-דיי-טיוו) איינשרעקענד.

intim'idatory *a.* (אין-טימ'-אי-דיי-טא-רי) איינשרעקענד.

intim'ity *n.* (אין-טימ'-אי-טי) איינגעבארענע, אינערליכע נייגונג; דאס זיין בעהאלטען אדער פריוואט.

intit'ule *v.* (אין-טיט'-יול) בעטיטלען; געבען א טיטול [א מענשען]; געבען א נאמען [א בוך], א קעפעל [א קאפיטעל אין א בוך, אן ענין אין א צייטונג].

intit'uled *a.* (אין-טיט'-יולד) טיטולירט; מיט א נאמען.

in'to *prep.* (אינ'-טו) אין; צו; אריין.

in'-toed *a.* (אינ'-טאוד) ביי וועלכען די גראבע פיס־פינגער זיינען איינגעבויגען נאך אינווייניג.

intolerabil'ity *n.* (אין-טאל-ע-רע-ביל'-אי-טי) אונערטרעגליכקייט, אונדולדזאמקייט.

intol'erable *a.* (אין-טאל'-ע-רעבל) אונערטרעגליך; וואס מען קען ניט דערליידען.

intol'erableness *n.* (אין-טאל'-ע-רעבל-נעס) אונערטרעגליכקייט; אונדולדזאמקייט.

intol'erably *adv.* (אין-טאל'-ע-רע-בלי) אויף אן אונערטרעגליכען שטייגער.

intol'erance *n.* (אין-טאל'-ע-רענס) אונטאלעראנץ; אונדולדזאמקייט, דאס ניט קענען דולדען.

intol'erancy *n.* (אין-טאל'-ע-רען-סי) ז. *intolerance*.

intol'erant *a. and n.* (אין-טאל'-ע-רענט) ניט טאלעראנט, אונדולדזאם; איינער וואס האלט ניט פון טאלעראנץ.

intol'erantly *adv.* (אין-טאל'-ע-רענט-לי) אהן טאלעראנץ.

intol'erate *v.* (אין-טאל'-ע-רייט) ניט פערטראגען, ניט דולדען, זיין אונטאלעראנט.

intolera'tion *n.* (אין-טאל-ע-ריי'-שאן) ז. *intolerance*.

in'tonate *v.* (אינ'-טא-נייט) אינטאנירען, אנגעבען דעם טאן, שטעלען דעם טאן; ארויסברייננען טענער, ארויסרעדען אין טענער; בעטאנען.

intona'tion *n.* (אין-טא-ניי'-שאן) אינטאנאציאן, ארויסדרוקספארם [אין טאן פון דער שטימע]; אינטאנירונג [דאס רעדען מיט א זינגענדער שטימע], דאס ארויסברייננען טענער.

intone' *v.* (אין-טאון') אינטאנירען, געבען א טאן, ארויסברייננען א טאן, ארויסזינגען; צוגעבען א בעזונדערען טאן אדער אויסדרוק; ארויסריידען מיט א זינגענדער שטימע.

intor'sion *n.* (אין-טאר'-שאן) ז. *intortion*.

intort' *v.* (אין-טארט') פלעכטען, דרעהען, בויגען.

intor'tion *n.* (אין-טאר'-שאן) דרעהונג, בויגונג, פלעכטונג.

in to'to (אין טאו'-טאו) אין גאנצען; בכלל.

intox'icant *n.* (אין-טאק'-סי-קענט) א בערוישונגס־מיטעל, א פער'שכור'ענדער געטראנק.

intox'icate *v.* (אין-טאק'-סי-קייט) בערוישען, פער'שכור'ען; פערגיפטען.

intoxica'tion *n.* (אין-טאק-סי-קיי'-שאן) בערוישונג, פער'שכור'טקייט, דאס פער'שכור'ען; פערגיפטונג.

intox'icative *a.* (אין-טאק'-סי-קיי-טיוו) בערוישענד, פער'שכור'ענד; פערגיפטענד.

intracar'diac *a.* (אין-טרא-קאר'-די-עק) וואס געפינט זיך אין הארצען.

intracephal'ic *a.* (אין-טרא-סע-פעל'-איק) וואס געפינט זיך אין קאפ אדער אין מארך.

intracer'ebral *a.* (אין-טרא-סער'-אי-ברעל) וואס געפינט זיך אדער קומט פאר אין מארך.

intractabil'ity *n.* (אין-טרעק-טע-ביל'-אי-טי) אונבויגזאמקייט, ווידערשפענסטיגקייט, אונגעהארכזאמקייט, אונקאנטראלירבארקייט.

intrac'table *a.* (אין-טרעק'-טעבל) אונבויגזאם, ניט עלאסטיש, אונגעהארכזאם, ווידערשפעניג, אונקאנטראלירבאר.

intrac'tableness *n.* (אין-טרעק'-טעבל-נעס) ז. *intractability*.

intrac'tably *adv.* (אין-טרעק'-טע-בלי) אויף אן אונבויגזאמען אדער ניט עלאסטישען אופן; אזוי אז מען קען ניט קאנטראלירען; אויף אן אונגעהארכזאמען, ווידערשפענסטיגען שטייגער.

intrac'tile *a.* (אין-טרעק'-טיל) וואס מען קען ניט אויסציהען, ניט עלאסטיש.

intra'dos *n.* (אין-טריי'-דאס) דער אינעווייניגסטער טייל פון א געוועלב.

intrafolia'ceous *a.* (אין-טרא-פאו-לי-איי'-שיאס) וואס געפינט זיך איבער אדער אין פראנט פון א בלאט.

intramar'ginal *a.* (אין-טרא-מאר'-דזשי-נעל) וואס ליעגט אינערהאלב פון ראנד [פון א בלאט].

intramun'dane *a.* (אין-טרא-מאנ'-דיין) וואס געפינט זיך אויף דער וועלט אדער אויף דער ערד; ערדיש, גשמיות'דיג.

intramu'ral *a.* (אין-טרא-מיו'-רעל) וואס געפינט זיך אין די מויערען [פון א שטאדט] אדער די ווענד [פון א געביידע]; אין אנאטאמיע — וואס געפינט זיך אין אן אויסהוילונג [ווי למשל, די געדערים].

intramus'cular *a.* (אין-טרא-מאס'-קיו-לאר) וואס געפינט זיך אדער קומט פאר אין א מוסקול.

intrana'sal *a.* (אין-טרא-ניי'-זעל) וואס געפינט זיך אדער קומט פאר אין דער נאז.

intranquil'lity *n.* (אין-טרענ-קהוויל'-אי-טי) אונרוהיגקייט.

intransca'lency *n.* (אין-טרענס-קיי'-לען-סי) אונדורכדרינגליכקייט פאר היץ; דאס ניט דורכלאזען קיין ווארעמקייט.

intransca'lent *a.* (אין-טרענס-קיי'-לענט) וואס לאזט ניט דורך קיין ווארעמקייט.

intransgress'ible *a.* (אין-טרענס-גרעס'-איבל) ניט אריבערצוטרעטען, ניט אריבערצוגעהן, אונפערמיידליך.

intran'sient *a.* (אין-טרענ'-שענט) אונפערגענגליך, וואס פערגעהט ניט פלוצים.

intran'sigent *a. and n.* (אין-טרענ'-סי-דזשענט) וואס זאגט זיך אב צו קומען צו אן איבעראיינשטימונג; וואס געהט ניט איין אויף א פשרה אדער קאמפראמיס; ניט קיין קאמפראמיסלער [א פערזאן וואס מאכט ניט קיין פשרות, בעזאנדערס אין פאליטיק].

intran'sigentism *n.* (אין-טרענ'-סי-דזשענ-טיזם) די פרינציפען אדער דאס פראגראם פון די אינטראנסיזשאנטען אדער אונקאמפראמיסלער אין פאליטיק.

intran'sitable *a.* (אין-טרענ'-סיט-עבל)

ניט דורכגאנגבאר, וואס איז ניט דורכצוגעהן.

intran'sitive *a.* and *n.* (אינ-טרענ'-סי-טיוו) אין גראמאטיק — אינטראנזיטיוו, ניט איבערגעהענד [וועגען האנדלונגס=ווערטער וועלכע דריקען אויס א טהעטיגקייט אדער צושטאנד, וואס געהט ניט איבער אויף אנדערע פערזאנען אדער זאכען, ווי צ. ב. די ווערטער: געהן, שטעהן, שפרינגען א. ד. ג.]; אן אינטראנזיטיוו, אן אינטראנזיטיוועס האנדלונגס=ווארט [פעל עומד].

intran'sitively *adv.* (אינ-טרענ'-סי-טיוו-לי) אין גראמאטיק — אויף דעם אופן פון אן אינטראנזיטיווען האנדלונגס=ווארט. ז. *intransitive*.

in tran'situ (אין טרענ'-סי-טיו) אויף'ן טראנספארט, אויף'ן וועג [וועגען סחורה וואס איז אויף'ן וועג].

intransmis'sible *a.* (אינ-טרענס-מיס'-איבל) אונאיבערטראגבאר, וואס מען קען ניט אריבערטראגען פון איין ארט אויף'ן צווייטען.

intransmutabil'ity *n.* (אינ-טרענס-מיו-טע-ביל'-אי-טי) אונפערוואנדעלבארקייט, דאס ניט קענען פערוואנדעלט ווערען אין עטוואס אנדערעס.

intransmu'table *a.* (אינ-טרענס-מיו'-טעבל) אונפערוואנדעלבאר, וואס קען ניט פערוואנדעלט ווערען אין אן אנדער זאך.

intranspar'ency *n.* (אינ-טרענס-פעהר'-ען-סי) אונדורכזיכטיגקייט.

intranspar'ent *a.* (אינ-טרענס-פעהר'-ענט) אונדורכזיכטיג.

in'tra-oc'ular *a.* (אינ'-טרא-אק'-יו-לאר) וואס געפינט זיך אין אויג.

in'tra-or'bital *a.* (אינ'-טרא-אהר'-בי-טעל) וואס ליעגט אין ארביט [דאס לאך וואו דאס אויג ליעגט] פון אויג.

intrapari'etal *a.* (אינ-טרא-פע-ראי'-ע-טעל) וואס איז איינגעשלאסען צווישען ווענד; וואס איז בעהאלטען אדער אבגעשלאסען פון דער עפענטליכקייט; פריוואט.

intrapul'monary *a.* (אינ-טרא-פאל'-מא-נע-רי) וואס געפינט זיך אין די לונגען.

intraspi'nal *a.* (אינ-טרא-ספאי'-נעל) וואס געפינט זיך אין רוקען=קאנאל.

intraterrito'rial *a.* (אינ-טרא-טער-אי-טאו'-רי-על) וואס עקזיסטירט אדער געפינט זיך אין דער טעריטאריע.

intrathorac'ic *a.* (אינ-טרא-טהא-רעס'-איק) וואס געפינט זיך אין דער ברוסט.

intratrop'ical *a.* (אינ-טרא-טראפ'-אי-קעל) וואס געפינט זיך אין די לענדער צווישען די טראפיקען [די הייסעסטע לענדער פון דער וועלט].

intra-ur'ban *a.* (אינ-טרא-אויר'-בען) וואס געפינט זיך אין די גרענעצען פון א שטאדט.

intravas'cular *a.* (אינ-טרא-וועס'-קיו-לאר) וואס געפינט זיך אין א בלוט=געפעס.

intrave'nous *a.* (אינ-טרא-ווי'-נאס) וואס געפינט זיך אין אן אדער.

intraves'ical *a.* (אינ-טרא-וועס'-אי-קעל) וואס געפינט זיך אין פענכער.

intrench' *v.* (אינ-טרענטש') ארומרינגלען מיט א גראבען; בעפעסטיגען מיט גראבענס אדער פלאנקענס; בעפעסטיגען אדער בעשיצען פון אן אטאקע; איבערפאלען, אריינדרינגען, מאכען אן אנגריף.

intren'chant *a.* (אינ-טרענ'-טשענט) ניט טיילבאר; ניט צוצושניידען; ניט שניידיג.

intren'cher *n.* (אינ-טרענ'-טשער) איינער וואס גראבט בעפעסטיגונגס=גראבענס.

intrench'ment *n.* (אינ-טרענטש'-מענט) א בעפעסטיגונגס=גראבען, א בעפעסטיגונגס=ווערק; שוץ, בעשיצונג; אן אנגריף, אן אריינדרינגונג [אין אימעצענס גרענעצען].

intrep'id *a.* (אינ-טרעפ'-איד) אונערשראקען.

intrepid'ity *n.* (אינ-טרי-פיד'-אי-טי) אונערשראקענהייט.

intrep'idly *adv.* (אינ-טרעפ'-איד-לי) מיט אונערשראקענהייט.

in'-tri'angle *n.* (אינ'-טראי'-ענגל) אן איינגעשריבענער דריי=עק [א דריי=עק וועלכער ווערט אריינגעצייכענט אין אן אנדער געאמעטרישער פיגור, ווי אין א קרייז, אין א קוואדראט א. ד. ג.].

in'tricacy *n.* (אינ'-טרי-קיי-סי) פערפלאנטערונג; פערוויקלונג; פערלעגענהייט, שוועריגקייט.

in'tricate *a.* and *v.* (אינ'-טרי-קייט) פערוויקעלט, פערפלאנטערט; פערפלאנטערען.

in'tricately *adv.* (אינ'-טרי-קייט-לי) אויף א פערפלאנטערטען אופן.

in'tricateness *n.* (אינ'-טרי-קייט-נעס) ז. *intricacy*.

in'trigant *n.* (אינ'-טרי-גענט) אן אינטריגאנט, א פלאטקע=מאכער; א רכילות'ניק.

in'trigante *n.* (אינ'-טרי-גענט) אן אינטריגאנטקע, איינע וואס מאכט אינטריגעס.

intrigue' *n.* and *v.* (אינ-טריג') אן אינטריגע; א געהיימער פערוויקעלטער פלאן געגען אימעצען; די פערוויקלונג פון א דראמא אדער פון א ראמאן; א ליעבעס=אינטריגע, א געהיימע ליעבע; מאכען אינטריגעס; מאכען געהיימע, פערוויקעלטע פלענער וועגען אימעצען.

intri'guer *n.* (אינ-טרי'-גער) אן אינטריגאנט, א פלאטקע=מאכער, א רכילות=טרייבער.

intri'guery *n.* (אינ-טרי'-גער-אי) אינטריגעס=מאכעריי.

intri'guing *a.* (אינ-טרי'-גינג) מאכענדיג אינטריגעס; וואס מאכט פלאטקעס.

intri'guingly *adv.* (אינ-טרי'-גינג-לי) מיט אינטריגעס, מיט פלאטקעס.

intrin'sic *a.* (אינ-טרינ'-סיק) אינערליך; ווירקליך; אייגענטליך, וועזענטליך.

intrin'sical *a.* (אינ-טרינ'-סי-קעל) ז. *intrinsic*.

intrinsical'ity *n.* (אינ-טרינ-סי-קעל'-אי-טי) אינערליכקייט; וועזענטליכקייט; ווירקליכקייט.

intrin'sically *adv.* (אינ-טרינ'-סי-קעל-אי) אויף אן אינערליכען אופן; וועזענטליך; ווירקליך.

intrin'sicalness *n.* (אינ-טרינ'-סי-קעל-נעס) ז. *intrinsicality*.

in'tro-ac'tive *a.* (אינ'-טרא-עק'-טיוו) ווירקענד אויף זיך זעלבסט.

introcep'tive *a.* (אינ-טרא-סעפ'-טיוו) וואס נעהמט אריין אין זיך זעלבסט.

introces'sion *n.* (אינ-טרא-סעש'-אן) אן איינפאלונג אדער איינדריקונג פון וועלכען עס איז קערפער=טייל.

introduce' *v.* (אינ-טרא-דיוס') איינפיהרען; אריינפיהרען; אריינברייינגען; אריינלאזען; פארשטעלען, רעקאמענדירען; בעקאנט מאכען; איינלייטען, מאכען אן איינלייטונג.

introduce'ment *n.* (אינ-טרא-דיוס'-מענט) ז. *introduction*.

introdu'cer *n.* (אינ-טרא-דיו'-סער) אן איינפיהרער; אן אריינפיהרער; אן אריינברייינגער, אן אריינלאזער; א פארשטעלער, א בעקאנטמאכער; אן איינלייטער, איינער וואס מאכט א פאררעדע אדער אן הקדמה.

introduce' to no'tice (אינ-טרא-דיוס' טו נאו'-טיס) מאכען בעוואוסט; מאכען בעקאנט.

introdu'cible *a.* (אינ-טרא-דיו'-סיבל) וואס קען איינגעפיהרט ווערען, אריינגעבראכט ווערען, אריינגעלאזט ווערען, פארגעשטעלט ווערען, בעקענט געמאכט אדער איינגעלייטעט ווערען.

introduc'tion *n.* (אינ-טרא-דאק'-שאן) איינפיהרונג; אריינפיהרונג, אריינברייינגונג, אריינלאזונג; פארשטעלונג, בעקאנטמאכונג; אן איינלייטונג, א פאררעדע, א הקדמה.

introduc'tive *a.* (אינ-טרא-דאק'-טיוו) איינפיהרענד, איינלייטענד, וואס דיענט אלס פאררעדע אדער איינלייטונג; וואס דיענט אלס פארבערייטונג; פארשטעלענד, בעקאנטמאכענד.

introduc'tively *adv.* (אינ-טרא-דאק'-טיוו-לי) אין דער פארם פון אן איינלייטונג אדער פאררעדע; אין דער פארם פון א פארבערייטונג; דורך פארשטעלונג אדער בעקאנטמאכונג.

introduc'tor *n.* (אינ-טרא-דאק'-טאר) ז. *introducer*.

introduc'torily *adv.* (אינ-טרא-דאק'-טא-רי-לי) אלס הקדמה; אלס איינלייטונג; אלס פארשטעלונג; אלס בעקאנטמאכונג.

introduc'tory *a.* (אינ-טרא-דאק'-טא-רי) ז. *introductive*.

introduc'tress *n.* (אינ-טרא-דאק'-טרעס) אן איינפיהרערין, אן אריינפיהרערין; א פארשטעלערין, א בעקאנטמאכערין, אן איינלייטערין.

introflec'tion *n.* (אינ-טרא-פלעק'-שאן) איינבויגונג נאך אינוועניג.

introflexed' *a.* (אינ-טרא-פלעקסט') איינגעבויגען נאך אינוועניג; איינגעבויגען, איינגעשלאגען.

introflex'ion *n.* (אינ-טרא-פלעק'-שאן) ז. *introflection*.

introgres'sion *n.* (אינ-טרא-גרעש'-אן) דאס אריינדרינגען אינוועניג; אן אריינגאנג, אן איינטריט.

intro'it *n.* (אינ-טראו'-איט) דער אנפאנג פון דער מעסע אין א קירך; די תפלה וואס דער גלח מיט דעם כאר זינגען, זיך דערנעהענטערענד צום אלטאר פאר דער מעסע.

introjec'tion *n.* (אינ-טרא-דזשעק'-שאן) דאס אריינווארפען [אינוועניג].

intromis'sion *n.* (אינ-טרא-מיש'-אן) דאס איינדרינגען, דאס אריינלאזען, דאס אריינברייינגען; אריינלאזונג; צולאזונג, צוטריט; אין יוריספרודענץ — דאס איבערנעהמען אן אנדערענס פפליכטען, דאס אריינמישען זיך אין פרעמדע געשעפטען.

intromit' *v.* (אינ-טרא-מיט') אריינלאזען, דורכלאזען, צולאזען; זיך אריינמישען אין פרעמדע געשעפטען; פערלעצען אימעצענס רעכטען.

intromit'tent *a.* (אינ-טרא-מיט'-ענט) אריינלאזענד, אריינפיהרענד, אריינברייינגענד.

intromit'tent or'gan (אינ-טרא-מיט'-ענט אהר'-גען) דער טייל פון דעם מענלי=

כען געשלעכטס=ארגאן, דורך וועלכען די
זרע ווערט אריינגעבראכט אין דעם פרויען=
ארגאן.

intromit'ter *n.* (אינ-טרא-מיט'-ער)
איינער וואס לאזט אריין; איינער וואס
מישט זיך אריין אין פרעמדע געשעפטען.

introrse' *a.* (אינ-טראהרס') וואס איז
געבויגען נאך אינווענינ.

introrse'ly *adv.* (אינ-טראהרס'-לי) נאך
אינווענינ [געריכטעט אדער געבויגען].

introspect' *v.* (אינ-טרא-ספעקט') אין
עטוואס אריינקוקען, זיך פערטיעפען אין
זיך אליין, שטודירען דעם אייגענעם גע=
מיטס=צושטאנד, געדאנקען אדער געפיהלען.

introspec'tion *n.* (אינ-טרא-ספעק'-
שאן) דאס אריינקוקען; דאס פערטיעפען
זיך אין זיך [אין די אייגענע געפיהלען
אדער געדאנקען].

introspec'tionist *n.* (אינ-טרא-ספעק'-
שאנ-איסט) איינער וואס שטודירט זיינע
אייגענע געפיהלען; איינער וואס בעגרינ=
דעט זיינע פסיכאלאגישע פארשונגען אויף
דעם שטודיום פון זיך אליין, אויף דעם
זעלבסט=אנאליז.

introspec'tive *a.* (אינ-טרא-ספעק'-
טיוו) אריינקוקענדיג; וואס איז שייך צו
זעלבסט=אנאליז אדער צו פערטיעפונג אין
די אייגענע גייסטיגע איבערלעבונגען און
געפיהלען.

introspec'tive meth'od (אינ-טרא-
ספעק'-טיוו מעטה'-אד) אין פסיכאלאגיע—
די מעטאדע צו שטודירען גייסטיגע ער=
שיינונגען דורך זעלבסט=אנאליז אדער דורך
ערפארשונג פון די אייגענע גייסטיגע אי=
בערלעבונגען און טהעטיגקייט.

introsuc'tion *n.* (אינ-טרא-סאק'-שאן)
אריינזויגונג.

introsuscep'tion *n.* (אינ-טרא-סא-
סעפ'-שאן) דאס אריינגעהמען אין זיך,
דאס איינזאפען.

introtrac'tion *n.* (אינ-טרא-טרעק'-
שאן) דאס אריינציהען [אינווענינ].

introversibil'ity *n.* (אינ-טרא-וואיר-
סי-ביל'-אי-טי) די פעהיגקייט זיך אומצו=
קעהרען אדער זיך אויסצודרעהען נאך אינ=
ווענינ; די פעהיגקייט זיך צו פערטיעפען
אין זיך אליין.

introver'sible *a.* (אינ-טרא-וואיר'-
סיבל) וואס קען אויסגעדרעהט אדער אומ=
געקעהרט ווערען נאך אינווענינ; וואס קען
געריכטעט ווערען נאך אינווענינ; וואס
קען אנגעווענדעט ווערען אויף זעלבסט=
אנאליז אדער אויף חשבון הנפש.

introver'sion *n.* (אינ-טרא-וואיר'-שאן)
דאס ריכטען אדער אומקעהרען נאך אינ=
ווענינ, דאס זיין געריכטעט אדער אומגע=
קעהרט נאך אינווענינ; קאנצענטרירונג,
פערטיעפונג אין זיך זעלבסט, זעלבסט=
אנאליז.

introver'sive *a.* (אינ-טרא-וואיר'-סיוו)
זיך אומקעהרענדיג אדער זיך ריכטענדיג
נאך אינווענינ; זיך פערטיעפענד אין דעם
אייגענעם גייסטיגען צושטאנד.

introvert' *v.* (אינ-טרא-וואירט') אריינ=
בויגען, ריכטען נאך אינווענינ.

introver'tive *a.* (אינ-טרא-וואיר'-טיוו)
ז. *introversive*.

introvolu'tion *n.* (אינ-טרא-וואו-ליו'-
שאן) אריינוויקלונג.

intrude' *v.* (אינ-טרוד') אריינקומען
אונגעבעטענערהייד; אריינפיהרען אהן ער=
לויבנים; אריינדרינגען אדער אריינשטוי=
סען ניט אין דעם ריכטיגען פלאץ; אריינ=
קוועטשען; אריינדרינגען.

intru'der *n.* (אינ-טרו'-דער) אן אונ=
געבעטענער גאסט; איינער וואס דרינגט
זיך אריין וואו מען דארף איהם ניט און
וואו מען בעט איהם ניט.

intru'dingly *adv.* (אינ-טרו'-דינג-לי)
קומענדיג ניט געבעטען, דערקוטשענדיג,
שטופענדיג זיך וואו מען דארף ניט.

intru'sion *n.* (אינ-טרו'-זשאן) דאס
איינדרינגען; דאס קומען אונגעבעטענער=
הייד; דאס אונרעכטליכע פערנעהמען פון
גיטער און זיך בענוצען מיט זיי; אין גע=
אלאגיע — דאס אריינדרינגען פון א פעל=
זען=מאסע אין געשמאלצענעם צושטאנד
אין די שפאלטען און אין די לעכער פון
אן אנדער פעלזען=מאסע.

intru'sional *a.* (אינ-טרו'-זשאנ-על)
איינדרינגענד, איינדרינגליך.

intru'sive *a.* (אינ-טרו'-סיוו) איינדרינ=
גענד; אריינקומענד ניט געבעטענערהייד;
ניט ווילקאמען; לעסטיג; דערקוטשענדיג;
אריינגעשטויסען, אריינגעקוועטשט ניט אין
דעם רעגולערען פלאץ.

intru'sively *adv.* (אינ-טרו'-סיוו-לי)
אריינדרינגענד; קומענדיג ניט געבעטען;
דערקוטשענדיג; אריינשטויסענדיג, אריינ=
קוועטשענדיג ניט אין דעם רעגולערען
פלאץ.

intru'siveness *n.* (אינ-טרו'-סיוו-נעס)
צודרינגליכקייט; דאס דערקוטשען; דאס
שטופען זיך וואו מען דארף ניט; דאס
קומען ניט געבעטען; דאס אריינשטויסען
אדער אריינקוועטשען ניט אין דעם רעגו=
לערען פלאץ.

intru'sive rocks (אינ-טרו'-סיוו ראקס)
אריינגעקוועטשטע פעלזען [פעלזען וועלכע
זיינען אריינגעקוועטשט געווארען, ווען זיי
זיינען געווען אין א געשמאלצענעם צו=
שטאנד, אין שפאלטען פון אנדערע פעל=
זען].

intrust' *v.* (אינ-טראסט') אנפערטרויען.

in'tuit *v.* (אינ'-טיו-איט) אונמיטעלבאר
ערקענען [אויפפאסען אדער תופס זיין א
זאך אונמיטעלבאר, אהן חקירות און אהן
בעווייזע].

intui'tion *n.* (אינ-טיו-איש'-אן) אינטו=
איציאן, אונמיטעלבארע ערקענטנים, דאס
זעהן קלאר די ריכטיגקייט פון א זאך אהן
דער הילף פון בעווייזע; אן עלעמענטא=
רער אמת, א ווארהייט וואס ברויכט ניט
קיין בעווייזע.

intui'tional *a.* (אינ-טיו-איש'-אנ-על)
אונמיטעלבאר אויפגעפאסט; וואס איז
שייך צו אינטואיציאן אדער אונמיטעלבא=
רער ערקענטנים. ז. *intuition*.

intui'tionalism *n.* (אינ-טיו-איש'-אנ-
על-איזם) אינטואיציאנאליזם, די פילאזא=
פישע שטה וואס בעהויפטעט, אז די אב=
זאלוטע ווארהייטען קענען מיר בעגרייפען
אונמיטעלבאר מיט אונזער שכל, אהן
חקירות און בעווייזע.

intui'tionalist *n.* (אינ-טיו-איש'-אנ-
על-איסט) אן אינטואיציאנאליסט, אן אנ=
העננער פון אינטואיציאנאליזם אין פילא=
זאפיע. ז. *intuitionalism*.

intui'tionism *n.* (אינ-טיו-איש'-אנ-
איזם) ז. *intuitionalism*.

intui'tionist *n.* (אינ-טיו-איש'-אנ-
איסט) ז. *intuitionalist*.

intu'itive *a.* (אינ-טיו'-אי-טיוו) אינ=
טואיטיוו, אונמיטעלבאר ערקענבאר; וואס
מען קען באלד קלאר בעגרייפען אהן חקירות
און בעווייזע; וואס מען קען גלייך קלאר
זעהן.

intu'itively *adv.* (אינ-טיו'-אי-טיוו-לי)
אינטואיטיוו, דורך אונמיטעלבארער ער=
קענטנים; קלאר גלייך פון אויבען אויף;
זעהענדיג אדער בעגרייפענדיג באלד קלאר
אהן חקירות און בעווייזע.

intu'itiveness *n.* (אינ-טיו'-אי-טיוו-
נעס) די אונמיטעלבארע ערקענטנים, דאס
ערקענען אדער בעגרייפען באלד אהן
חקירות און בעווייזע.

intu'itivism *n.* (אינ-טיו'-אי-טיוו-
איזם) אינטואיטיוויזם, די לעהרע, וואס
בעהויפטעט, אז די פונדאמענטאלע פרינ=
ציפען פון עטהיק זיינען אונמיטעלבאר בע=
גרייפליך [ד. ה. אז זיי ווערען ערקענט
באלד אהן חקירות און בעווייזע].

intu'itivist *n.* (אינ-טיו'-אי-טיוו-איסט)
אן אינטואיטיוויסט, אן אנהענגער פון אינ=
טואיטיוויזם. ז. *intuitivism*.

intumesce' *v.* (אינ-טיו-מעס') אויפ=
שוועלען, ווערען אויפגעבלאזען.

intumes'cence *n.* (אינ-טיו-מעס'-ענס)
דאס אנגעשוואלען ווערען; א געשווילעכץ.

intumes'cent *a.* (אינ-טיו-מעס'-ענט)
אויפשוועלענד.

in'turn *n.* (אינ'-טוירן) דאס אריינשטע=
קען ביים ראנגלען זיך די קניע צווישען
דעם געגנערס פיס און איהם אויפהויבען
אין דער הויך.

in'turned *a.* (אינ'-טוירנד) אריינגע=
דרעהט אדער אריינגעבויגען נאך אינווע=
ניג.

intuspose' *v.* (אינ-טאס-פאוז') אריינ=
שטעלען אינווענינ, אריינשטעלען ווי אין
א שייד.

intusposi'tion *n.* (אינ-טאס-פא-זיש'-
אן) דאס זיין אריינגעשטעלט אינווענינ;
דאס זיין אריינגעשטעלט ווי אין א שייד.

intussuscep'ted *a.* (אינ-טא-סא-סעפ'-
טעד) וואס איז אין זיך אריינגענומען אדער
אריינגעשטעלט; וואס איז אריינגענומען
אדער אריינגעשטעלט אין אן אנדער טייל,
ווי אין א שייד.

intussuscep'tion *n.* (אינ-טא-סא-סעפ'-
שאן) די אינווענינסטע אריינשטעלונג פון
איין טייל פון אן ארגאן אין דעם אנדע=
רען טייל פון דעמזעלביגען ארגאן אדער
אין אן אנדער ארגאן פון דעמזעלביגען
זארט; די אריינשטעלונג אין א שייד; די
אריינוואקסונג פון איין טייל פון די געדע=
רים אין דעם אנדערען; די אויפנאהמע
פון פרעמדע שטאפען אין א לעבעדיגען
ארגאניזם און זייער פערוואנדלונג אין
פלייש, בלוט, מארך א. ז. וו.; די פער=
דייאונג פון שפייזען און זייער פערוואנד=
לונג אין לעבעדיגען שטאף פון ארגאניזם.

intwist' *v.* (אינ-טהוויסט') איינפלעכטען,
צוזאמענפלעכטען.

In'ula *n.* (אינ'-יו-לא) די אלאנדען
[א זא מין פלאנצען מיט גרויסע געלבלי=
כע בלומען=קעפ].

in'ulin *n.* (אינ'-יו-לין) אינולין [א זא
מין קראכמאל וואס שטעלט זיך אב פון די
ווארצלען פון דער אלאנד=פלאנצע].

inum'brate *v.* (אינ-אמ'-בריט) ווארר=
פען א שאטען, בעדעקען מיט א שאטען.

inunc'tion *n.* (אינ-אנק'-שאן) דאס
זאלבען; דאס איינרייבען, דאס איינשמי=
רען.

inun'dant *a.* (אינ-אנ'-דענט) פערפליי=
צענד.

inun'date *v.* (אינ-אנ'-דייט) פערפליי=
צען.

inunda'tion *n.* (אינ-אנ-דיי'-שאן) א
פערפלייצונג; דאס פערפלייצען.

inurbane' *a.* (אינ-אויר-ביין') ניט-שטאַרטיש; אונהעפליך.

inurbane'ly *adv.* (אינ-אויר-ביינ'-לי) אהן העפליכקייט; אונהעפליך; מעשה ישוב'ניק.

inurbane'ness *n.* (אינ-אויר-ביינ'-נעס) ז. *inurbanity*.

inurban'ity *n.* (אינ-אויר-בענ'-אי-טי) אונהעפליכקייט.

inure' *v.* (אינ-יור') 1. אבהארטען [דורך געוועהנהייט]; געוועהנען; 2. איין יוריס-פרודענץ — עררייכען רעכטס-גילטיגקייט.
1. The Eskimo is **inured** to cold. 2. The law will **inure** to the benefit of the poor.

inure'ment *n.* (אינ-יור'-מענט) געוועהנהייט.

inurn' *v.* (אינ-אורן') אריינלעגען אין א אורנע [טרונע]; בעגראבען.

inusita'tion *n.* (אינ-יו-זי-טיי'-שאַן) אונגעברויכליכקייט, דאס ניט געברויכט ווערען.

in u'tero (אין יו'-טע-ראו) נאך אין בויך [נאך ניט געבארען].

inutil'ity *n.* (אינ-יו-טיל'-אי-טי) אונניצליכקייט; נוצלאזיגקייט; א נוצלאזע זאך.

inu'tilized *a.* (אינ-יו'-טי-לאַיזד) ניט נוצבאר געמאכט.

inut'terable *a.* (אינ-אַט'-ער-עבל) ניט אויסצושפרעכען, ניט אויסצודריקען, ניט צו דערצעהלען.

in vac'uo (אין וועק'-יו-או) אין א וואַקואום [אין א פוסטען רוים].

invade' *v.* (אינ-וועיד') אריינדרינגען מיט געוואלט; אריינרייסען זיך [ווי א פיינד]; אנגרייפען; אנפאלען.

inva'der *n.* (אינ-וויי'-דער) איינער וואס רייסט זיך אריין מיט געוואלט; אן אריינדרינגער, אן אנפאלער, אן אנגרייפער.

invag'inable *a.* (אינ-וועדזש'-אי-נעבל) וואס איז אריינגעלעגט ווי אין א שייד.

invag'inate *a.* and *v.* (אינ-וועדזש'-אי-נייט) אריינגעלעגט אין א שייד, אריינגעשטעקט ווי אין א שייד; אריינלעגען אדער אריינשטעקען אין א שייד.

invagina'tion *n.* (אינ-וועדזש-אי-ניי'-שאַן) דאס אריינלעגען אין א שייד; דאס אריינשטעקען איינס אין'ם אנדערען, ווי אין א שייד.

in vain (אין וויין) אומזיסט.

invaletu'dinary *a.* (אינ-וועל-אי-טיו'-די-נע-רי) קרענקליך, שוואך, אונגעזונד.

inval'id *a.* (אינ-וועל'-איד) 1. שוואך; 2. אונגילטיג.
2. The courts declared the law **invalid**.

in'valid *a.*, *n.* and *v.* (אינ'-ווע-ליד) שוואך, קראנק; א קראנקער; א קאליקע; אן אינוואליד [א סאלדאט וואס איז אין מלחמה געווארען א קאליקע אדער אונפעהיג צו דיענסט]; עטוואס וואס איז צוקאליעטשעט אדער פערדארבען; מאכען קראנק; מאכען פאר אן אינוואליד; פערשרייבען אין דער ליסט פון אינוואלידען; פעררעכענט ווערען אלס אינוואליד.

inval'idate *v.* (אינ-וועל'-אי-דייט) מאכען אונגילטיג.

invalida'tion *n.* (אינ-וועל-אי-דיי'-שאַן) דאס אבשוואכען, דאס מאכען אונגילטיג אדער ווערטהלאז.

in'validism *n.* (אינ'-ווע-ליד-איזם) כראנישע שוואכקייט; קרענקליכקייט.

invalid'ity *n.* (אינ-ווע-ליד'-אי-טי) אונגילטיגקייט.

inval'idly *adv.* (אינ-וועל'-איד-לי) אויף אן אונגילטיגען אדער ווערטהלאזען אופן.

inval'idness *n.* (אינ-וועל'-איד-נעס) אונגילטיגקייט; שוואכקייט.

inval'orous *a.* (אינ-וועל'-א-ראס) פייג, שרעקעדיג.

inval'uable *a.* (אינ-וועל'-יו-עבל) אונשעצבאר, וואס איז אונמעגליך אבצושאצען.

inval'uableness *n.* (אינ-וועל'-יו-עבל-נעס) אונשעצבארקייט.

inval'uably *adv.* (אינ-וועל'-יו-ע-בלי) ניט אבצושאצען.

invariabil'ity *n.* (אינ-וויי-רי-ע-ביל'-אי-טי) אונפערענדערליכקייט, בעשטענדיגקייט.

inva'riable *a.* and *n.* (אינ-וויי'-רי-עבל) אונפערענדערליך, בעשטענדיג; אין מאטעמאטיק — א קוואנטיטעט וואס ענדערט זיך ניט.

inva'riableness *n.* (אינ-וויי'-רי-עבל-נעס) אונפערענדערליכקייט, בעשטענדיגקייט.

inva'riably *adv.* (אינ-וויי'-רי-ע-בלי) אויף אן אונפערענדערליכען אופן; מיט בעשטענדיגקייט.

inva'riant *a.* (אינ-וויי'-רי-ענט) אונפערענדערליך, בעשטענדיג.

inva'ried *a.* (אינ-וויי'-ריד) אונפערענדערליך.

inva'sion *n.* (אינ-וויי'-זשאַן) אריינדרינגונג; אריינדרינגונג אין א פרעמדען לאנד אדער וואהנונגס-פלאץ; א פיינדליכער איבערפאל; אן אנגריף; אן אנגריף אדער פערלעצונג [פון אנדערענס רעכטע].

inva'sive *a.* (אינ-וויי'-סיוו) אריינדרינגענד; אריינדרינגענד אין א פרעמדען לאנד אדער וואהנונגס-ארט; אנפאלענד, אנגרייפענד; אטאקירענד, פיינדליך.

inva'sive arms (אינ-וויי'-סיוו ארמז) פיינדליכע ארמעע, פיינדליכע וואפען.

inva'sive war (אינ-וויי'-סיוו הוואהר) אן אנגריפס-קריעג [ווען מען פאלט אן אויף'ן שונא'ס לאנד אדער ווען מען וויל צונעהמען דעם שונא'ס לאנד].

invecked' *a.* (אינ-וועקט') ז. *invected*.

invec'ted *a.* (אינ-וועק'-טעד) רונד געקארבט.

invec'tion *n.* (אינ-וועק'-שאַן) בעשימפפונג, בעליידיגונג, שטארקע טאדלונג, שטארקער אנגריף; פערשפאטונג.

invec'tive *a.* and *n.* (אינ-וועק'-טיוו) בעשימפפענד, בעליידיגענד, אנגרייפענד; שטארק טאדלענדיג; פערשפאטענדיג; בעשימפפונג, בעליידיגונג, פערשפאטונג, אנגריף, שטארקע טאדלונג.

invec'tively *adv.* (אינ-וועק'-טיוו-לי) מיט בעליידיגונג, זידלעריי, פערשפאטונג אדער טאדעל.

inveigh' *v.* (אינ-וויי') אנגרייפען [מיט ווערטער], טאדלען, זידלען בעליידיגען.

inveigh'er *n.* (אינ-וויי'-ער) אן אנגרייפער [מיט ווערטער], א טאדלער.

invei'gle *v.* (אינ-ווי'גל) פערנארען, פערפיהרען, איבעררעדען.

invei'glement *n.* (אינ-ווי'גל-מענט) פערנארונג, פערפיהרונג, איבעררעדונג.

invei'gler *n.* (אינ-ווי'-גלער) א פערנארער, א פערפיהרער, אן איבעררעדער.

inveil' *v.* (אינ-וועיל') פערשלייערען, פעררעקען מיט א שלייער.

invendibil'ity *n.* (אינ-ווענ-די-ביל'-אי-טי) אונפערקויפבארקייט, דאס ניט קענען פערקויפט ווערען.

inven'dible *a.* (אינ-ווענ'-דיבל) אונפערקויפבאר, וואס פערקויפט זיך ניט.

invent' *v.* (אינ-ווענט') ערפינדען; אויסטראכטען.

invent'ful *a.* (אינ-ווענט'-פול) ערפינדונגסרייך, ערפינדעריש.

inven'tible *a.* (אינ-ווענ'-טיבל) וואס קען ערפינדען ווערען אדער אויסגעטראכט ווערען.

inven'tibleness *n.* (אינ-ווענ'-טיבל-נעס) ערפינדבארקייט; דאס קענען ערפונדען ווערען.

inven'tion *n.* (אינ-ווענ'-שאַן) ערפינדונג; אויסטראכטונג; דיכטונג; ערפינדונגס-פעהיגקייט, שאפונגס-גייסט; איינבילדונגס-קראפט, פאנטאזיע; דאס געפינען; ערפינדונג.

Inven'tion of the Cross (אינ-ווענ'-שאַן אוו טהי קראהס) א קאטוילישער יום-טוב [דעם 3טען מאי] צום אנדענקען דערפון וואס מען האט, ווי עס ווערט בעהויפטעט, אין יאהר 326 געפונען אין ירושלים דעם צלם, אויף וועלכען קריסטוס איז געקרייציגט געווארען.

inven'tive *a.* (אינ-ווענ'-טיוו) ערפינדעריש.

inven'tive art (אינ-ווענ'-טיוו ארט) ערפינדונגס-קונסט.

inven'tively *adv.* (אינ-ווענ'-טיוו-לי) דורך ערפינדונג; אויף אן ערפינדערישען שטייגער.

inven'tiveness *n.* (אינ-ווענ'-טיוו-נעס) ערפינדונגס-קראפט, ערפינדונגס-פעהיגקייט; ערפינדערישקייט.

inven'tor *n.* (אינ-ווענ'-טאר) אן ערפינדער; אן אויסטראכטער, א שאפער.

invento'rial *a.* (אינ-ווענ-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אינווענטאר. ז. *inventory*.

invento'rially *adv.* (אינ-ווענ-טאו'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון אן אינווענטאר. ז. *inventory*.

in'ventory *n.* and *v.* (אינ'-ווענ-טא-רי) אן אינווענטאר, א דעטאלירטע און אויספיהרליכע פערצייכנים פון די ארטיקלען פון א געשעפט אדער פון א גוט; איינעהמען דעם אינווענטאר, מאכען אן אויספיהרליכע פערצייכנים, אויפשטעלען א קאטאלאג.

in ven'tre (אין ווענ'-טרי) אין בויך [נאך ניט געבארען].

inven'tress *n.* (אינ-ווענ'-טרעס) אן ערפינדעריז.

inverac'ity *n.* (אינ-ווי-רעס'-אי-טי) אן אונוואהרהייט, אן אונריכטיגקייט.

inverisimil'itude *n.* (אינ-ווער-אי-סי-מיל'-אי-טיוד) אונוואהרשיינליכקייט.

invermina'tion *n.* (אינ-וואיר-מי-ניי'-שאַן) אין מעדיצין — דאס ליידען פון ווערים.

inverse' *a.* and *n.* (אינ-וואירס') אומגעקעהרט, אומגעדרעהט; דער געגענטייל; עטוואס וואס איז דער געגענטייל אדער דאס אומגעקעהרטע.

inverse'ly *adv.* (אינ-וואירס'-לי) אויף אן אומגעקעהרטען אופן; אין אן אומגעקעהרטען פערהעלטניס.

inverse' propor'tion (אינ-וואירס' פרא-פאור'-שאַן) אן אומגעקעהרטע פראפארציאן [ווי למשל: וואס ווייניגער מענשען עס ארבייטען, דעסטא מעהר צייט דארף עס נעהמען צו פערפערטיגען די ארבייט].

inverse' ra'tio (אינ-וואירס' ריי'-שיאו)

אן אומגעקעהרטע פערהעלטניס אדער פראפארציאן.

inver'sion *n.* (אינ-וואיר'-שאן) אז אומקעהרונג אדער איבערקעהרונג ; דאס איבערשטעלען פערקעהרט.

inver'sive *a.* (אינ-וואיר'-סיוו) אומקעהרבאר, איבערקעהרבאר.

invert' *v.* (אינ-וואירט') איבערקעהרען, אומקעהרען ; איבערדרעהען, איבערשטעלען.

in'vert *n.* (אינ'-וואירט) אין ארכיטעקטור — א פערקעהרטער בויגען ; אן איבערגעקעהרט איזאליר-העמערל אין א טעלעגראפישען אפאראט.

inver'tebral *a.* (אינ-וואיר'-טי-ברעל) אהן א רוקען-ביין ; שוואך, וואקלענדיג, ניט ענטשלאסען.

Invertebra'ta *n.* (אינ-וואיר-טי-ברעי'-טא) חיות וואס האבען ניט קיין רוקען-ביין.

inver'tebrate *a. and n.* (אינ-וואיר'-טי-ברייט) אהן א רוקען-ביין ; שוואך, וואקעלדיג, ניט ענטשלאסען ; א חיה וואס האט ניט קיין רוקען-ביין.

inver'tebrated *a.* (אינ-וואיר'-טי-ברייטעד) אהן א רוקען-ביין ; שוואך, וואקעלדיג, ניט ענטשלאסען.

inver'ted *a.* (אינ-וואיר'-טעד) אומגעקעהרט, איבערגעקעהרט, פערקעהרט, איבערגעדרעהט.

inver'ted arch (אינ-וואיר'-טעד ארטש) אין ארכיטעקטור — אן איבערגעקעהרטער בויגען מיט'ן קאפ אראב.



Inverted Arches

inver'ted com'mas (אינ-וואיר'-טעד קאמ'-עז) אנפיהרונגס-צייכען אדער גענזען-פיסלעך [אומגעקעהרטע קאמאס, וועלכע ווערען בענוצט אלס צייכענס פאר א ציטירטען ווארט אדער זאץ, ווי „...“].

inver'tedly *adv.* (אינ-וואיר'-טעד-לי) אויף אן אומגעקעהרטען אופן.

inver'tible *a.* (אינ-וואיר'-טיבל) וואס קען איבערגעקעהרט אדער איבערגעדרעהט ווערען.

inver'tor *n.* (אינ-וואיר'-טאר) דאס וואס דרעהט איבער אדער ענדערט די ריכטונג ; אן עלעקטרישער שטראם-אומווענדער [אן אפאראט צום אומקעהרען די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם].

invest' *v.* (אינ-וועסט') אריינטהאן אדער אריינלעגען [געלד אין א געשעפט אדער אין עטוואס אנדערש]; בעקליידען ; בעקליידען מיט אן אמט ; איינשליסען, ארומרינגלען; ניט לאזען ארויסדרעהן זיך.

inves'tigable *a.* (אינ-וועס'-טי-געבל) ערפארשליך, וואס מען קען אונטערזוכען.

inves'tigate *v.* (אינ-וועס'-טי-גייט) אונטערזוכען, אויספארשען.

investiga'tion *n.* (אינ-וועס-טי-גיי'-שאן) אן אונטערזוכונג, אן אויספארשונג.

inves'tigative *a.* (אינ-וועס'-טי-גיי-טיוו) אונטערזוכענד, פארשענד.

inves'tigator *n.* (אינ-וועס'-טי-גיי-טאר) אן אונטערזוכער, א פארשער.

inves'titive *a.* (אינ-וועס'-טי-טיוו) אריינזעצענדיג פייערליך אין אן אמט.

inves'titure *n.* (אינ-וועס'-טי-טשור) די אינוועסטיטור, די פייערליכע איינזעצונג אין אן אמט ; די בעקליידונג מיט אן אמט.

inves'tive *a.* (אינ-וועס'-טיוו) איינהילענד ווי אין א קלייד, בעקליידענד; ארומרינגלענד.

invest'ment *n.* (אינ-וועסט'-מענט) די אריינלעגונג פון געלד אדער קאפיטאל [אין א געשעפט אדער אין אן אונטערנעהמונג]; א געלד-איינלאגע ; עטוואס אין וואס געלד איז אריינגעטהאן ; די בעקליידונג ; קליידונג, קליידער ; אן איינשליסונג, אן ארומרינגלונג.

inves'tor *n.* (אינ-וועס'-טאר) איינער וואס לעגט אריין זיין קאפיטאל [אין א געשעפט אדער אין אן אונטערנעהמונג].

invet'eracy *n.* (אינ-וועט'-ע-ריי-סי) דאס זיין טיעף איינגעווארצעלט ; דאס ציהען זיך פון לאנג אן ; הארטנעקיגקייט.

invet'erate *a.* (אינ-וועט'-ע-רייט) טיעף איינגעווארצעלט ; שטארק צוגעוועהנט ; וואס האט שטארק איינגעווארצעלטע געוועהנהייטען ; הארטנעקיג.

I am an inveterate smoker.

invet'erately *adv.* (אינ-וועט'-ע-רייט-לי) זייענדיג טיעף איינגעווארצעלט ; מיט הארטנעקיגקייט.

invet'erateness *n.* (אינ-וועט'-ע-רייט-נעס) ז. *inveteracy*.

invetera'tion *n.* (אינ-וועט-ע-ריי'-שאן) אן איינווארצלונג ; אן איינגעווארצעלטע געוועהנהייט.

invid'ious *a.* (אינ-וויד'-אי-אס) אויפרעגענד ; ניידיש ; ניט פערגינענד ; אונרעכטליך אונטערשיידענד.

invid'iously *adv.* (אינ-וויד'-אי-אס-לי) אויף א ניידישען אדער ניט פערגינערישען אופן.

invid'iousness *n.* (אינ-וויד'-אי-אס-נעס) אבשייליכקייט, העסליכקייט ; דאס ניט פערגינען.

invigila'tion *n.* (אינ-ווידזש-אי-ליי'-שאן) דאס בעוואכען ; וואכזאמקייט.

invig'or *v.* (אינ-וויג'-אר) שטארקען, ערמוטיגען, צוגעבען קוראזש.

invig'orant *n.* (אינ-וויג'-אר-ענט) א קרעפטיגענדער געטראנק.

invig'orate *v.* (אינ-וויג'-אר-אייט) קרעפטיגען, שטארקען ; צוגעבען ענערגיע.

invigora'tion *n.* (אינ-וויג-א-ריי'-שאן) קרעפטיגונג, שטארקונג ; שטארקייט, קראפט.

invig'orative *a.* (אינ-וויג'-א-ריי-טיוו) שטארקענדיג, קרעפטיגענד ; צוגעבענדיג ענערגיע.

invil'laged *a.* (אינ-וויל'-עדזשד) פערוואנדעלט אין א דארף.

invincibil'ity *n.* (אינ-ווינ-סי-ביל'-אי-טי) אונבעזיעגבארקייט ; אונאיבערווינדליכקייט.

invin'cible *a. and n.* (אינ-ווינ'-סיבל) אונבעזיעגבאר ; אונאיבערווינדליך ; אן אונבעזיעגבארער.

Invin'cible Arma'da (אינ-ווינ'-סיבל אר-מיי'-דא) די אונבעזיעגבארע ארמאדע [די בעריהמטע שפאנישע פלאטע פון 130 שיפען וועלכע איז געשיקט געווארען פון דעם שפאנישען קעניג פיליפ דעם צווייטען, געגען ענגלאנד אין יאהר 1588 און וועלכע איז צוריקגעשלאגען געווארען און ענדליך כמעט פאלשטענדיג פערניכטעט געווארען דורך שטורם-ווינדען ביי די וועסטליכע ברעגען פון אירלאנד].

invin'cibleness *n.* (אינ-ווינ'-סיבל-נעס) ז. *invincibility*.

invin'cibly *adv.* (אינ-ווינ'-סי-בלי) אויף אן אונבעזיעגבארען אופן.

inviolabil'ity *n.* (אינ-וואי-א-לע-ביל'-אי-טי) אונבעריהרליכקייט ; אונפערלעצבארקייט ; אונפערשוועכליכקייט.

invi'olable *a.* (אינ-וואי'-א-לעבל) אונפערלעצליך ; אונבעריהרליך ; ניט צו פערשוועכען ; ניט עובר צו זיין.

invi'olableness *n.* (אינ-וואי'-א-לעבל-נעס) ז. *inviolability*.

invi'olably *adv.* (אינ-וואי'-א-לע-בלי) ניט צו פערלעצען ; ניט צו בעריהרען ; ניט צו פערשוועכען ; ניט עובר צו זיין.

invi'olate *a.* (אינ-וואי'-א-לייט) ניט פערלעצט ; ניט בעריהרט ; ניט פערשוועכט ; ניט עובר געווען.

An officer must keep his oath of office inviolate.

invi'olated *a.* (אינ-וואי'-א-ליי-טעד) ז. *inviolate*.

invi'olately *adv.* (אינ-וואי'-א-לייט-לי) אונפערלעצט, אונבעריהרט, אונפערשוועכט, ניט עובר געווען דארויף.

invi'olateness *n.* (אינ-וואי'-א-לייט-נעס) דאס זיין אונבעריהרט, אונפערלעצט אדער ניט פערשוועכט.

in'vious *a.* (אינ'-ווי-אס) וואס מען קען ניט דורכגעהן.

invir'ile *a.* (אינ-וויר'-איל) ניט מאנבאר, ניט מענליך.

inviril'ity *n.* (אינ-ווי-ריל'-אי-טי) דאס ניט זיין מאן גענוג ; שוואכקייט.

invis'cid *a.* (אינ-וויס'-איד) ניט קלעפיג.

invisibil'ity *n.* (אינ-וויז-אי-ביל'-אי-טי) אונזיכטבארקייט ; דאס וואס מען קען ניט זעהן.

Invis'ible (the) *n.* (אינ-וויז'-איבל) דער אונזיכטבארער, גאט.

invis'ible *a. and n.* (אינ-וויז'-איבל) אונזיכטבאר ; איינער פון די ראזענקרייצער [א געהיימע קריסטליכע סעקטע אין דייטשלאנד אין 16טען יאהרהונדערט].

invis'ible green (אינ-וויז'-איבל גריען) שווארץ-גרין.

invis'ible ink (אינ-וויז'-איבל אינק) אונזיכטבארע טינט [אזא פליסיגקייט צום שרייבען פון וועלכער די שריפט בלייבט אונזיכטבאר ביז מען געברויכט געוויסע מיטלען זי זיכטבאר צו מאכען, ווי דערהיצען אדער בעשמירען מיט א כעמישער פליסיגקייט].

invis'ibleness *n.* (אינ-וויז'-איבל-נעס) ז. *invisibility*.

invis'ibly *adv.* (אינ-וויז'-אי-בלי) אויף אן אונזיכטבארען אופן.

invi'tal *a.* (אי-וואי'-טעל) אונלעבעהאפט, וואס האט אין זיך קיין לעבען אדער לעבעדיגקייט.

invi'ta Miner'va (אינ-וואי'-טא מי-נויר'-ווא) אהן טאלאנט [אהן מינערווא'ס גנאדען. מינערווא איז געווען ביי די אלטע גריכען די געטין פון קלוגשאפט און געניאליטעט].

invita'tion *n.* (אינ-ווי-טיי'-שאן) אן איינלאדונג ; אן אנלאקונג, א צוציהונג.

invitato'rium *n.* (אינ-וואי-טע-טאו'-רי-אם) א קאפיטעל תהלים אדער עטוואס עהנליכעס וואס דיענט אלס איינלאדונג צו גאטעס-דיענסט אין א קירך. ז. *invitatory psalm*.

invi'tatory *a. and n.* (אינ-וואי'-טע-טא-רי) איינלאדענד ; א קאפיטעל תהלים

אדער אן אנדער פערז וואס דיענט אלס איינלאדונג צו גאטעס־דיענסט אין א קירך. ז. ***invitatory psalm***

invi'tatory psalm (אינ-וואי'-טע-טא-רי סאהם) דער צום געבעט איינלאדענדער פסאלם [דער קאפיטעל צ"ה אין תהלים, "לכו נרננה"].

invite' *v. and n.* (אינ-וואיט') איינלאדען, פערבעטען; צוציהען, רייצען; אויפפאדערען; אן איינלאדונג.

invi'ter *n.* (אינ-וואי'-טער) אן איינלאדער.

invi'tiate *a.* (אינ-וויש'-אי-אייט) ניט פערדארבען; ניט געפעלשט; ריין.

invi'ting *a.* (אינ-וואי'-טינג) איינלאדענד; צוציהענד, רייצענד.

invi'tingly *adv.* (אינ-וואי'-טינג-לי) איינלאדענדיג; צוציהענדיג, אנלאקענדיג.

invi'tingness *n.* (אינ-וואי'-טינג-נעס) דאס זיין צוציהענד אדער רייצענד.

invit'rifiable *a.* (אינ-וויט'-רי-פאי-עבל) וואס קען ניט פערגלאזט ווערען; וואס קען ניט פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

in vi'tro (אין וואי'-טראו) אין דעם אונטערזוכונגס־גלאז [וועגען א כעמישער רעאקציאן אדער וועגען קולטיווירען געוויסע מיקראבען אויף וויפיעל דאס קומט פאר אויף אן עקספערימענטאלען אופן אין דער גלאז־רעטארטע און ניט אין א לעבעדיגען ארגאניזם גופא].

in vi'vo (אין וואי'-וואו) אין לעבעדיגען קערפער [דאס הייסט ניט דורך א כעמישען עקספערימענט. ז. ***in vitro***].

in'vocable *a.* (אינ'-ווא-קעבל) וואס קען אנגעבעטען ווערען.

in'vocant *n.* (אינ'-ווא-קענט) איינער וואס רופט צו הילף; איינער וואס בעט.

in'vocate *v.* (אינ'-ווא-קייט) רופען [ווי פאר הילף]; בעטען.

invoca'tion *n.* (אינ-ווא-קיי'-שאן) דאס רופען [ווי פאר הילף]; דאס בעטען; דאס בעטען די ברכה פון גאט; א געריכטליכע אויפפאדערונג.

invoc'ative *a.* (אינ-וואק'-ע-טיוו) בעטענדיג; רופענדיג [ווי פאר הילף].

invoc'atory *a.* (אינ-וואק'-ע-טא-רי) וואס רופט [ווי פאר הילף]; וואס בעט.

in'voice *n. and v.* (אינ'-וואים) א דעטאלירטע, אויספיהרליכע רעכנונג פון וואארע; מאכען א דעטאלירטע, אויספיהרליכע וואארען־רעכנונג.

in'voice-book *n.* (אינ'-וואים-בוק) א פאקטורען־בוך [א בוך, וואו עס ווערען קאפירט די דעטאלירטע רעכנונגען פון די סחורות].

invoke' *v.* (אינ-וואוק') 1. רופען [ווי פאר הילף]; 2. בעטען; מתפלל זיין פאר...; 3. אויפרופען צום געריכט.
2. The minister **invoked** God's blessing upon the congregation.

invo'ker *n.* (אינ-וואו'-קער) איינער וואס רופט פאר הילף; איינער וואס בעט.

invol'atile *a.* (אינ-וואל'-ע-טיל) וואס פערדאמפפט ניט.

invol'ucel *n.* (אינ-וואל'-יו-סעל) אין באטאניק — א צווייטע הייטעל פון א בלום; בלעטלעך אונטער'ן בלומען־קעלך.

involucel'lum *n.* (אינ-וואל-יו-סעל'-אם) ז. ***involucel***

in'volucral *a.* (אינ'-ווא-ליו-קרעל) וואס האט א צווייטע הייטעל מיט בלעטלעך אונטער די בלומען [וועגען א בלום].

involu'crate *a.* (אינ-ווא-ליו'-קרייט) ז. ***involucral***

in'volucre *n.* (אינ'-ווא-ליו-קער) א הייטעל וואס וויקעלט ארום עפעס אן ארגאן; אין באטאניק — די בלעטלעך וואס רינגלען ארום דאס בלומען־בינטעל.

Involucre

invol'untarily *adv.* (אינ-וואל'-אנ-טע-רי-לי) ניט־ווילענדיג, געגען אייגענעם ווילען.

invol'untary *a.* (אינ-וואל'-אנ-טע-רי) אונווילליג, אונפרייוויליג, געצוואונגען; אונגערן, ניט־ווילענדיג.

invol'untary bank'ruptcy (אינ-וואל'-אנ-טע-רי בענק'-ראפט-סי) א באנקראט [אן אנזעץ] וואס ווערט ערקלערט פון א געריכט אויף'ן פערלאנג פון די יעניגע וועמען דער באנקראטירטער איז שולדיג געלד און געגען דעם פערלאנג פון דעם באנקראטירטען.

invol'untary escape' (אינ-וואל'-אנ-טע-רי עס-קייפ') אן אנטרינונג, אנטלויפונג אדער בעפרייאונג [געגען דעם ווילען פון דעם וועכטער].

in'volute *a. and n.* (אינ'-ווא-ליוט) איינגעוויקעלט, איינגעדרעהט [וועגען פלאנצען־בלעטער]; צונויפגעדרעהט ווי א ספיראל; פערדרעהט, פערפלאנטערט; אין געאמעטריע — אן עוואלווענטע, א קרומע ליניע וואס ווערט בעשריבען פון דעם ענד פון א גראדער ליניע, ווען זי דרעהט זיך ארום א קרייז אדער אן אנדער געבויגענער ליניע.

involu'ted *a.* (אינ-ווא-ליו'-טעד) איינגעוויקעלט, איינגעדרעהט; פערדרעהט, פערפלאנטערט; געדרעהט ווי א ספיראל.

involu'tion *n.* (אינ-ווא-ליו'-שאן) איינוויקלונג; פערוויקלונג, קאמפליצירונג, פערפלאנטערונג; אין גראמאטיק — א פערפלאנטערטער, קאמפליצירטער זאץ־בוי; אין מאטעמאטיק — פאטענצירונג [ערהויבונג פון א צאהל צו איהרע פאטענצען, כפל'ען זי צוויי אדער מעהרערע מאל אויף זיך אליין].

in'volutive *a.* (אינ'-ווא-ליו-טיוו) איינגעדרעהט, איינגעוויקעלט [וועגען פלאנצען־בלעטער].

involve' *v.* (אינ-וואלוו') איינוויקלען, ארומוויקלען, פערוויקלען; פערפלאנטערען, מאכען קאמפליצירט; ברייגגען אין א געמיינזאמער פערבינדונג; ענטהאלטען, אריינגעהמען אין זיך אלס לאגישע פאלגע; אין מאטעמאטיק — ערהויבען צו א פאטענץ, כפל'ען א צאהל אויף זיך אליין צוויי אדער מעהרערע מאל.

invol'vedness *n.* (אינ-וואל'-וועד-נעס) ז. ***involvement***

involve'ment *n.* (אינ-וואלוו'-מענט) פערוויקלונג, פערפלאנטערונג, דאס אריינגעהמען אין זיך אלס לאגישע פאלגע; א פערלעגענהייט, א שוועריגקייט.

invulnerabil'ity *n.* (אינ-וואל-נע-רע-ביל'-אי-טי) אונפערוואונדבארקייט, די אונמעגליכקייט פערוואונדעט צו ווערען אדער געשעדיגט צו ווערען.

invul'nerable *a.* (אינ-וואל'-נע-רעבל) וואס קען ניט פערוואונדעט ווערען אדער געשעדיגט ווערען.

invul'nerableness *n.* (אינ-וואל'-נע-רעבל-נעס) ז. ***invulnerability***

invultua'tion *n.* (אינ-וואל-טשו-איי'-שאן) דאס שטעכען א וואקסענע אדער לייםענע פיגור פון איינעם, אום איהם אויף אזא אופן מיט דער הילף פון כשוף צו טויטען [אן אבערגלויבען וואס האט עקזיסטירט אין די אמאליגע צייטען].

inwall' *v.* (אינ-הוואהל') ארומריינגלען מיט ווענט; בעפעסטיגען מיט ווענט; ארוממויערען.

in'wall *n.* (אינ'-הוואהל) אן אינערליכע וואנד; די אינערליכע וואנד פון א קאלך־אויווען.

in'ward *a., adv. and n.* (אינ'-הווארד) אינערער, אינוועניג, אינערליך; היימיש [אין געגענזאץ צו אויסלענדיש]; פערטרויט, אינטים; טיעף, נידריג, קוים הערבאר; אין דעם אינערען; אין געמיטה; דאס אינוועניגסטע, די איגנגעווייד, די געדערים.

in'ward mon'itor (אינ'-הווארד מאנ'-אי-טאר) די אינערליכע שטימע, דאס געוויסען.

in'wardly *adv.* (אינ'-הווארד-לי) אינערליך; נאך אינוועניג; אין'ם געמיטה; אין געהיים, פריוואט; אין א נידריגען טאן, שטיל, ריידענדיג ווי צו זיך אליין.

in'wardness *n.* (אינ'-הווארד-נעס) אינוועניגקייט, אינערליכקייט: דער תוך, דער עצם; אינערליכע אדער ריכטיגע בעדייטונג.

in'ward peace (אינ'-הווארד פיעס) געמיטהס־רוה.

in'ward priv'ilege (אינ'-הווארד פריוו'-אי-לעדזש) פריוואט פאררעכט.

in'wards *adv.* (אינ'-הווארדז) אינווענייג; נאך אינוועניג; אין געמיטה.

inweave' *v.* (אינ-הוויעוו') איינוועבען, צוזאמענוועבען, צוזאמענפלעכטען.

inwork' *v.* (אינ-הווארק') אריינארבייטען; ארבייטען, אינערליך ווירקען, איינווירקען.

in'working *n.* (אינ'-הוואיר-קינג) אינערליכע ווירקונג, אינערליכע קראפט.

inworn' *a.* (אינ-הוואורן') אריינגעארבייט, איינגעווירקט.

inwove' (אינ-הוואווו') איינגעוועבט, פערפלאכטען. ז. ***inweave***

inwo'ven (אינ-הוואו'-ווען) איינגעוועבט, פערפלאכטען. ז. ***inweave***

inwrap' *v.* (אינ-רעפ') איינוויקלען, אריינגעהמען, איינשליסען; ברייגגען אין פערלעגענהייט.

inwrap'ment *n.* (אינ-רעפ'-מענט) איינוויקלונג; איינהילונג.

inwreathe' *v.* (אינ-ריעטה') אומקראנצען, איינפלעכטען.

in wri'ting (אין ראי'-טינג) שריפטליך.

inwrought' (אינ-ראהט') אריינגעארבייט; בעציערט מיט פיגורען פון אנדערע שטאפען. ז. *inwork*.

I'o *n.* (אי'-או) אין דער אלט=גריכישער מיטאלאגיע — יא, אינאקא'ס טאכטער, וועלכע די געטין הערא האט פערוואנדעלט אין א קאלב און שטארק געפייניגט אוים אייפערזוכט, ווייל צעאוס האט זי געליעבט; אין אסטראנאמיע — איינע פון די פיער לבנות, וועלכע בעוועגען זיך ארום פלאנעט יופיטער.

i'odate *n. and v.* (אי'-א-דייט) יאדזויער זאלץ; בעמיש פעראייניגען אדער בעשמירען מיט יאד.

iod'ic *a.* (אי-אד'-איק) וואס ענטהאלט יאד.

iod'ic ac'id (אי-אד'-איק עס'-איד) יאדזויערע.

i'odid *n.* (אי'-א-דיד) ז. *iodide*.

i'odide *n.* (אי'-א-דאיד) יאדיד, א יאדפערבינדונג מיט אן אנדערען כעמישען שטאף.

i'odide of mer'cury (אי'-א-דאיד אוו מייר'-קיו-רי) יאד=קוועקזילבער [א כעמישע פערבינדונג פון קוועקזילבער און יאד].

i'odide of potas'sium (אי'-א-דאיד אוו פא-טעס'-אי-אם) יאד=קאליום [א כעמישע פערבינדונג פון יאד און קאליום].

i'odide of sil'ver (אי'-א-דאיד אוו סיל'-ווער) יאד=זילבער [א כעמישע פערבינדונג פון יאד און זילבער].

i'odin *n.* (אי'-א-דין) ז. *iodine*.

i'odine *n.* (אי'-א-דין) יאד [א כעמישער עלעמענט וואס בעקומט זיך מייסטענס פון דעם אש פון ים=פלאנצען. ווערט געברויכט אין מעדיצין און אויך אין פאטאגראפיע].

i'odism *n.* (אי'-א-דיזם) א קראנקהאפטער צושטאנד וואס קומט פון נוצען צופיעל יאד אדער יאד=זויערע זאלצען.

i'odize *v.* (אי'-א-דאיז) — אין מעדיצין געברויכען יאד; צוגעבען יאד צו א כעמישען שטאף.

i'odoform *n. and v.* (אי'-א-דא-פארם) יאדאפארם [א געלבער פולווער מיט זעהר א שטארקען גערוך, וואס בעקומט זיך פון יאד און אלקאלי איבערגעברענט אין אלקאהאל און עטהער. ווערט געברויכט אין כירורגיע אלס אן אנטיסעפטישער מיטעל]; געברויכען יאדאפארם.

i'odure *n.* (אי'-א-דיור) א כעמישע פערבינדונג פון יאד מיט אן אנדער שטאף.

iod'uret *n.* (אי-אד'-יו-רעט) ז. *iodure*.

iod'yrite *n.* (אי-אד'-אי-ראיט) יאד=זילבער [אזא גלאנציגער מינעראל פון א העלגעלבען קאליר].

I. O. F. אן אבקירצונג פון די ווערטער *Independent Order of Foresters* (אינ-די-פענ'-דענט אהר'-דער אוו פאר'-עס-טערז) א געוויסער גרויסער ברידערליכער ארדען פאר געגענזייטיגער שטיצע אין אמעריקא.

i'olite *n.* (אי'-א-לאיט) דער יאליט [א מינעראל פון וויאלעט=בלויען קאליר מיט א רויטליכער אדער שווארצער שאטירונג].

Io'nian *a. and n.* (אי-או'-ני-ען) יאניש, וואס איז שייך צו די יאניער [אלטגריכען וואס האבען געוואהנט אין אטיקא און אומגעגענד, אויף די אינזלען פון דעם אייגעאישען ים און אין קליין=אזיען] אדער צו יאניא [דאס לאנד פון די יאניער]; א יאניער.

Ion'ic *a. and n.* (אי-אנ'-איק) יאניש, וואס איז שייך צו יאניא אדער צו די יאניער; וואס איז שייך צו א יאנישען פערזען=פוס [אין פאעזיע]; א יאנישער פערזען=פוס [אין וועלכען עס בייטען זיך צוויי לאנגע זילבען מיט צוויי קורצע]; א יאנישער זייל [צייכענט זיך אוים דערמיט, וואס דער קאפ איז ביי די זייטען פערדרעהט ווי א ספיראל].

Ion'ic me'ter (אי-אנ'-איק מיע'-טער) דער יאנישער מעטער אדער פערזען=פוס. ז. *Ionic*.

Ion'ic or'der (אי-אנ'-איק אהר'-דער) אין ארכיטעקטור — דער יאנישער זייל [איינער פון די דריי אלט=גריכישע זיילען=פארמען, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואס דער קאפ פון דעם זייל האט געהאט ספיראלען=ענליכע בעציערונגען].



Ionic Order

I. O. O. F. אבקירצונג פון די ווערטער *Independent Order of Odd Fellows* (אינ-די-פענ'-דענט אהר'-דער אוו אד פעל'-אוז) א ברידערליכער ארדען פאר געגענזייטיגער שטיצע אין אמעריקא.

iop'terous *a.* (אי-אפ'-טע-ראס) וואס האט פליגלען פון א וויאלעט=קאליר [ווי געוויסע אינזעקטען].

io'ta *n.* (אי-או'-טא) די יאטע [דער גריכישע בוכשטאב *i*]; זעהר א קליינע צאהל; א קלייניגקייט.

I O U (אי או יו) אן אבקירצונג פון די ווערטער *I owe you* [איך בין אייך שולדיג]. ווערט געברויכט אלס א מעמאראנדום צו בעשטעטיגען א חוב.

I'owan *a. and n.* (אי'-א-הוען) פון אייאווא, וואס איז שייך צו אייאווא [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אן איינוואהנער פון אייאווא.

ip'ecac *n.* (איפ'-אי-קעק) דער ברעכווארצעל [דער געטריקענטער ווארצעל פון אזעלכע בוימלעך וואס וואקסען אין אמעריקא. ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס א מיטעל צום ברעכען און צום אבפיהרען].

ipecacuan'ha *n.* (איפ-אי-קעק-יו-ענ'-א) ז. *ipecac*.

ip'se dix'it (איפ'-סי דיק'-סיט) אן אונבעגרינדעטע אדער ניט בעוויזענע בעהויפטונג, א דאגמא [די בוכשטעבליכע בעדייטונג פון דיעזע צוויי לאטיינישע ווערטער איז: ער אליין האט עס געזאגט].

ipsedix'itism *n.* (איפ-סי-דיק'-סיט-איזם) דאגמאטיזם, דאס האלטען זיך אן בעהויפטונגען אדער מאכען בעהויפטונגען אהן בעווייזע אדער אהן בעגרינדונגען.

ipsis'sima ver'ba (איפ-סיס'-אי-מא ווער'-בא) דיעזעלבע ווערטער: ווארט אין ווארט; בוכשטעבליך, ווערטערליך.

ip'so fac'to (איפ'-סאו פעק'-טאו) פאקטיש, טהאטזעכליך.

ip'so ju're (איפ'-סאו דזשו'-רע) לויט געזעץ, נאך'ן געזעץ.

ira'de *n.* (אי-רא'-דע) אן אירעדע, א געשריבענער בעפעהל פון טערקישען סולטאן.

Ira'nian *a. and n.* (אי-ריי'-ני-ען) איראניש; פערזיש; וואס איז שייך צו איראן [א געגענד אין אזיע צווישען קורדיסטאן און הינדאסטאן]; וואס איז שייך צו פערזיען; וואס איז שייך צו דער גרופע ארישע שפראכען; אן איינוואהנער פון איראן; א מיטגליעד פון א ראסע וואס רעדט אויף איינער פון די ארישע שפראכען [פערזיש, זענד, פארס א. ז. וו.]. ז. *Arian*.

Iran'ic *a.* (אי-רענ'-איק) איראניש; אריש. ז. *Iranian*.

irascibil'ity *n.* (אי-רעס-אי-ביל'-אי-טי) אויפגערעגטקייט, רייצבארקייט, גענייגטקייט צו צארן.

iras'cible *a.* (אי-רעס'-איבל) אויפגערעגט, רייצבאר, גענייגט צו צארן.

iras'cibleness *n.* (אי-רעס'-איבל-נעס) ז. *irascibility*.

iras'cibly *adv.* (אי-רעס'-אי-בלי) מיט גענייגטקייט צו צארן; ווערענדיג אויפגערעגט אדער גערייצט.

irate' *a.* (אי-רייט') צארנדיג, אויפגערעגט.

ire *n.* (איר) צארן, כעס.

ire'ful *a.* (איר'-פול) צארנדיג.

ire'fully *adv.* (איר'-פול-אי) אויף א צארנדיגען אופן; זייענדיג אין כעס.

ire'fulness *n.* (איר'-פול-נעס) דאס זיין אין צארן; כעס, צארן.

Ire'land *n.* (איר'-לענד) אירלאנד.

i'renarch *n.* (אי'-רי-נארק) דער אירענארך, א פריעדענס=ריכטער אין דעם מזרח=טייל פון דער אלטער רוימישער אימפעריע.

Ire'ne *n.* (א-רי'-ני) אין דער אלט=גריכישער מיטאלאגיע — אירענא, די געטין פון פריעדען; אין אסטראנאמיע — די 14טע קליינע פלאנעטע וואס בעוועגט זיך ארום דער זון.

iren'ic *a.* (אי-רענ'-איק) פריעדליך.

iren'ical *a.* (אי-רענ'-אי-קעל) ז, *irenic*.

iren'icon *n.* (אי-רענ'-אי-קאן) א פלאן אדער פארשלאג איינצופיהרען שלום [בעזאנדערס אין דער קירך].

i'ridal *a.* (אי'-רי-דעל) וואס איז שייך אדער ענליך צום רעגען=בויגען.

iridere'mia *n.* (איר-אי-דע-רי'-מי-א) דאס פעהלען פון דער רעגען=בויגען=הויט אין אויג [דער קאלירטער קרייז ארום דעם שווארץ=אפעל].

irides'cence *n.* (איר-אי-דעס'-ענס) דאס האבען די קאלירען ווי פון א רעגען=בויגען; דאס שימערירען פון קאלירען.

irides'cent *a.* (איר-אי-דעס'-ענט) קאלירט ווי א רעגען=בויגען; וואס שימערירען ווי די פארבען פון רעגען=בויגען.

irid'ian *a.* (אי-ריד'-אי-ען) וואס איז שייך צו דער רעגען=בויגען=הויט פון אויג [דער קאלירטער קרייז וואס געפינט זיך ארום שווארץ=אפעל].

irid'ium *n.* (אי-ריד'-אי-אם) אירידיום [א מין הארטער ווייסליכער מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען].

i'ris *n.* (אי'-ריס) דער רעגען=בויגען: עטוואס וואס האט די עהנליכקייט צום רעגען=בויגען: די רעגען=בויגען=הויט פון אויג [דער קאלירטער קרייז ארום דעם שווארץ=אפעל]; די אירים אדער שווערט=ליליע [אזא פלאנצע מיט אן ארומאטישען גערוך. ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן פון צאהן=פולווער. ווערט אויך געברויכט אין מעדיצין אלס אן אבפיהר=מיטעל].

I'ris *n.* (אי'-ריס) אין מיטאלאגיע — איריס [די געטין פון רעגען=בויגען, וועלכע דיענט אויך אויף שליחות ביי די געטער]; די איריס=פלאנצען.

i'risated *a.* (אי'-רי-סיי-טעד) קאלירט ווי א רעגען=בויגען.

irisa'tion *n.* (אי-רי-סיי'-שאן) דאס האבען רעגען=בויגען קאלירען.

i'rised *a.* (אי'-ריסט) וואס האט די פארבען ווי פון א רעגען⸗בויגען.

i'ris green (אי'-ריס גרין) איריס⸗גרין אדער ליליען⸗גרין [א זעהר העלער גרין].

I'rish *a. and n.* (אי'-ריש) אירלענדיש; די אירלענדישע שפראך; די אירלענדער.

I'rish-Amer'ican *n. and a.* (אי'-ריש-ע-מער'-אי-קען) אן אירלענדער וואס האט זיך בעזעצט אין אמעריקא; וואס איז שייך צו די אירלענדער, וועלכע האבען זיך בעזעצט אין אמעריקא.

I'rishism *n.* (אי'-ריש-איזם) דאס אייגענטימליכע אירלענדישעס [ווי די ארט פון רויידען, זיך בענעהמען א. ד. ג.].

I'rishman *n.* (אי'-ריש-מען) אן אירלענדער.

I'rish moss (אי'-ריש מאָס) אזא ים⸗גראז, וואס ווערט בענוצט אלס שפייז.

I'rish pota'to (אי'-ריש פא-טיי'-טאו) געוועהנליכער קארטאפעל [בולבע].

I'rishry *n.* (אי'-ריש-רי) דאס אירלענדישע פאלק; א קאמפאניע אירלענדער; בערג און אינזעל⸗בעוואהנער.

I'rish stew (אי'-ריש סטיו) געדעמפפט שעפסען⸗פלייש מיט ציבעלעס און קארטאפעל.

I'rishwoman *n.* (אי'-ריש-וואו-מען) אן אירלענדערין.

iri'tis *n.* (אי-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער רעגענבויגען⸗הויט פון אויג [דער קאלירטער קרייז ארום שווארץ⸗אפעל].

irk *v.* (אוירק) ערגערען, קרענקען.

irk'some *a.* (אוירק'-סאם) ערגערליך, לעסטיג, ערמידענד, לאנגווייליג.

irk'somely *adv.* (אוירק'-סאם-לי) אויף אן ערגערליכען, לעסטיגען אדער ערמידענדען אופן.

irk'someness *n.* (אוירק'-סאם-נעס) ערגערליכקייט, פערדריסליכקייט; בעשווערליכקייט, לעסטיגקייט, לאנגווייליגקייט.

i'ron *n., a. and v.* (אי'-ערן) אייזען; אן אייזערנער; א ביגעל⸗אייזען אדער פלעט⸗אייזען; אן אייזערנער שנייד⸗געצייג, ווי א מעסער, א שווערד א. ד. ג.; געמאכט פון אייזען; ווי אייזען; בעשמידען מיט אייזען; שמידען אין קייטען; ביגלען, פלעטען.

i'ron age (אי'-ערן איידזש) די אייזען⸗פעריאדע [די פעריאדע אין דער קולטור⸗געשיכטע, ווען מענשען האבען אנגעפאנגען זיך צו בענוצען מיט אייזען צו מאכען דערפון זייערע געצייג].

i'ron-bound *a.* (אי'-ערן-באונד) בעשלאגען מיט אייזען; ארומגערינגעלט מיט פעלזען; פעסט אדער שטייף ווי אייזען.

i'ron-cased *a.* (אי'-ערן-קייסט) איינגעפאסט אין אייזען; בעדעקט מיט אייזען.

i'ron-clad *a.* (אי'-ערן-קלעד) בעדעקט מיט אייזען; שטייף ווי אייזען.

i'ronclad *n.* (אי'-ערן-קלעד) א קריעגס⸗שיף בעדעקט מיט אייזען.

i'roner *n.* (אי'-ער-ער) א ביגלער, א פרעסער.

i'ron-fis'ted *a.* (אי'-ערן-פיס'-טעד) וואס האט א פערמאכטע האנד, וואס איז גייציג, קארג.

i'ron-foun'der *n.* (אי'-ערן-פאונ'-דער) אן אייזען⸗גיסער.

i'ron-foun'dry *n.* (אי'-ערן-פאונ'-דרי) אן אייזען⸗גיסעריי.

i'ron-gray *a. and n.* (אי'-ערן-גריי) אייזען⸗גרוי [גרוי ווי אייזען]; אן אייזען⸗גרויער קאליר.

i'ron-han'ded *a.* (אי'-ערן-הענ'-דעד) מיט אן אייזערנער האנד; שטרענג.

i'ron-head'ed *a.* (אי'-ערן-העד'-עד) וואס האט אן אייזערנעם שפיץ אדער קאפ; הארטנעקיג, איינגעשפארט; ענטשלאסען, פעסט.

i'ron-hear'ted *a.* (אי'-ערן-האר'-טעד) הארט⸗הערציג.

i'ron horse (אי'-ערן הארס) א לאקאמאטיוו.

iron'ic *a.* (אי-ראנ'-איק) ז. *ironical*.

iron'ical *a.* (אי-ראנ'-אי-קעל) איראניש, שפאטיש.

iron'ically *adv.* (אי-ראנ'-אי-קעל-אי) אויף אן איראנישען שטייגער; מיט איראניע.

iron'icalness *n.* (אי-ראנ'-אי-קעל-נעס) דאס זיין איראניש.

i'roning *n.* (אי'-ער-נינג) דאס ביגלען אדער פלעטען.

i'roning-board *n.* (אי'-ער-נינג-באורד) א ביגעל⸗ברעט.

i'roning-cloth *n.* (אי'-ער-נינג-קלאטה) א ביגעל⸗טוך [א שטיק שטאף וואס ווערט אונטערגעלעגט ביים ביגלען].

i'roning-machine' *n.* (אי'-ער-נינג-מע-שין') א ביגעל⸗מאשינקע, א ביגעל⸗אייזען.

i'ron-liqu'or *n.* (אי'-ערן-ליק'-אר) אזא פליסיגקייט, וועלכע ענטהאלט אייזען, וואס ווערט געברויכט פון קליידער⸗פארבער.

i'ron-mas'ter *n.* (אי'-ערן-מעס'-טער) אן אייזען⸗פאבריקאנט.

i'ron-mold *n. and v.* (אי'-ערן-מאולד) דאס אראבנעהמען די פארב דורך אייזען⸗ראסט; אראבנעהמען די פארב דורך אייזען⸗ראסט.

i'ronmonger *n.* (אי'-ערן-מאנ-גער) אן אייזען⸗הענדלער, א הענדלער מיט אייזען⸗וואארע.

i'ronmongery *n.* (אי'-ערן-מאנ-גער-אי) אייזען⸗האנדעל.

i'ron-o'cher *n.* (אי'-ערן-או'-קער) אייזען⸗אקער [אזא מין קאלירטע קרייד].

i'ron ore (אי'-ערן אור) אייזען⸗ערץ [אייזען אין אונבעארבייטעטען צושטאנד, ווי מען געפינט עס אין דער ערד].

i'ron-red *n.* (אי'-ערן-רעד) אייזען⸗ראסט קאליר.

i'ron rule (אי'-ערן רוהל) דאס רעגירען מיט אן אייזערנער האנד.

i'ron-rust *n.* (אי'-ערן-ראסט) אייזען⸗ראסט.

i'rons *n.* (אי'-ערנז) קייטען, קאנדאלען.

i'ron-sand *n.* (אי'-ערן-סענד) אייזען⸗זאמד.

i'ron-saw *n.* (אי'-ערן-סאה) א זעג צום שניידען אנגעגליהט אייזען.

i'ron-sick *a.* (אי'-ערן-סיק) וואס האט פערראסטעטע אייזען⸗ווערק [ווענען א שיף].

i'ronside *n.* (אי'-ערן-סאיד) ז. *ironsides*.

i'ron-s'ided *a.* (אי'-ערן-סאי'-דעד) אויפריהרעריש; וואס לאזט זיך ניט בעהערשען; אייזען⸗פעסט.

i'ronsides *n.* (אי'-ערן-סאידז) אן אייזערנער כח; א שטארקער ווי אייזען [געוועהנליך געברויכט אלס ביי⸗נאמען פון א קריעגער, ווי ווענען די סאלדאטען פון קראמוועל א. ד. ג.].

i'ronsmith *n.* (אי'-ערן-סמיטה) אן אייזען⸗שמיעד.

i'ron-stain *n.* (אי'-ערן-סטיין) אייזען⸗פארב [א פארב וואס ווערט געמאכט פון אייזען⸗ראסט].

i'ronstone *n.* (אי'-ערן-סטאון) אייזען⸗שטיין [אייזען⸗ערץ וואס ענטהאלט אין זיך פרעמדע שטאפען].

i'ronware *n.* (אי'-ערן-הוועהר) אייזען⸗געשיר; אייזען⸗וואארען.

i'ronweed *n.* (אי'-ערן-הוויעד) אזא גראז מיט פלאכע פורפור⸗רויטע קעפלעך. וואקסט אין די מזרח⸗געגענדען פון נארד⸗אמעריקא.

i'ronwood *n.* (אי'-ערן-הוואוד) אייזען⸗האלץ [א הארט האלץ פון געוויסע ביימער]; דער אייזען⸗בוים [א בוים מיט זעהר הארטען האלץ].

Ironwood

i'ronwork *n.* (אי'-ערן-הוואירק) אייזען⸗ווערק; אייזען⸗געצייג, אייזען⸗זאכען.

i'ron-wor'ker *n.* (אי'-ערן-הוואיר'-קער) אן אייזען⸗ארבייטער.

i'ron-works *n.* (אי'-ערן-הוואירקס) אייזען⸗ווערק; אן אייזען⸗פאבריק.

i'ronwort *n.* (אי'-ערן-הווארט) דאס גליעד⸗קרויט [אזא גראז, וואס מען האט געהאלטען אלס א הייל⸗מיטעל צו א שניט פון א שווערד].

i'rony *a.* (אי'-ער-ני) וואס בעשטעהט פון אייזען; וואס איז ענהליך צו אייזען.

i'rony *n.* (אי'-רא-ני) איראניע; שפאטעריי.

i'ron-yel'low *n.* (אי'-ערן-יעל'-או) אייזען⸗ראסט⸗געלב [אלס פארב].

Iroquois' *n. and a.* (אי-רא-קהוואי') אן איראקעז [איינער פון פערבאנד, וועלכען עס האבען אויסגעבילדעט פינף אינדיאנער שבטים אין שטאאט ניו יארק אין צפון⸗אמעריקא]; וואס בעלאנגט צו די איראקעזען.

irra'diance *n.* (אי-ריי'-די-ענס) שטראהלונג, בעלייכטונג; גלאנץ, פראכט.

irra'diancy *n.* (אי-ריי'-די-ען-סי) ז. *irradiance*.

irra'diant *a.* (אי-ריי'-די-ענט) שטראהלענד.

irra'diate *v.* (אי-ריי'-די-אייט) שטראהלען, בעשיינען; דורכשטראהלען, דורכדרינגען מיט שיין; בעלייכטען; מאכען גלאנצענד; דערהויבען, בעעהרען; בעצירען; אויפקלעהרען.

irradia'tion *n.* (אי-ריי-די-איי'-שאן) בעשטראהלונג; שיינונג, בעשיינונג, בעלייכטונג; אויפקלערונג; אין פיזיק — איראדיאציאן [די ערשיינונג ווען א בעלויכטענע זאך אויף א טונקעלען גרונט זעהט אויס גרעסער ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט און טונקעלע זאכען אויף א בעלויכטענעם גרונט זעהען אויס קלענער ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט].

irra'diative *a.* (אי-ריי׳-די-איי-טיוו) שטראהלענד, שיינענד, בעלייכטענד.

irrad'icate *v.* (אי-רעד׳-אי-קייט) איינוואָרצלען, בעפעסטיגען.

irra'tional *a.* and *n.* (אי-רעש׳-אנ-על) איררעציאנאל, געגען דער פערנונפט, אונפערנינפטיג, אונלאגיש; אבסורד, זינלאז; אין מאטעמאטיק — וואס קען ניט גענוי אויסגעדריקט ווערען ניט אין גאנצע צאהלען, ניט אין ברוך-צאהלען; עטוואס וואס האט ניט קיין פערנונפט [ווי למשל, די נידריגע מינים חיות, משוגעים אדער אידיאטען]; אן איררעציאנאלע צאהל.

irra'tionalism *n.* (אי-רעש׳-אנ-על-איזם) אונפערנינפטיגקייט, דאס זיין געגען דער פערנונפט אדער אבסורד; אין פילאזאפיע — איררעציאנאליזם [אלס געגענזאץ פון ראציאנאליזם]. ז. *rationalism*.

irra'tionalist *n.* (אי-רעש׳-אנ-על-איסט) אן איררעציאנאליסט, אן אנהענגער פון איררעציאנאליזם [אלס געגענזאץ צו ראציאנאליזם]. ז. *rationalism*.

irrational'ity *n.* (אי-רעש-א-נעל׳-אי-טי) איררעציאנאליטעט, דאס ניט לענען זיך אויף׳ן שכל, דאס זיין געגען דער פערנונפט; דאס זיין אבסורד; מאנגעל אין פערנונפט.

irra'tionally *adv.* (אי-רעש׳-אנ-על-אי) אהן פערשטאנד, געגען דער פערנונפט, אבסורד, אהן א זינען.

irra'tionalness *n.* (אי-רעש׳-אנ-על-נעס) ז. *irrationality*.

irre'alizable *a.* (אי-ריע׳-ע-לאי-זעבל) וואס מען קען ניט בעגרייפען אדער בעשטימען; וואס מען קען ניט רעאליזירען; וואס מען קען ניט פערווירקליכען.

irrebut'table *a.* (איר-אי-באט׳-עבל) וואס מען קען ניט צוריקשלאגען, ווידערלעגען אדער בעשטרייטען.

irrecip'rocal *a.* (איר-אי-סיפ׳-רא-קעל) ניט געגענזייטיג, ניט געגענזייטיג ווירקענד.

irreclai'mable *a.* (איר-אי-קליי׳-מעבל) אונפערבעסערליך; וואס מען קען ניט צוימען; וואס קען ניט געפאדערט ווערען צוריק; וואס קען ניט אויסגעלעזט אדער אויסגעקויפט ווערען.

irreclai'mableness *n.* (איר-אי-קליי׳-מעבל-נעס) אונפערבעסערליכקייט, אונצוימבארקייט; דאס ניט קענען געפאדערט ווערען צוריק; אונאויסלעזבארקייט, אונאויסקויפבארקייט.

irreclai'mably *adv.* (איר-אי-קליי׳-מע-בלי) אויף אן אונפערבעסערליכען אדער אונצוימבארען אופן; אזוי אז מען קען עס ניט אויסלייזען אדער אויסקויפען.

irrecogni'tion *n.* (אי-רעק-אג-ניש׳-אן) דאס ניט דערקענען, דאס ניט בעמערקען.

irrec'ognizable *a.* (אי-רעק׳-אג-נאי-זעבל) וואס איז ניט צו דערקענען.

irrec'oncilable *a.* and *n.* (אי-רעק׳-אנ-סאי-לעבל) וואס לאזט זיך ניט איבערבעטען; וואס וויל ניט שלום ווערען; אונפעראייינבאר; וואס קען ניט הארמאנירען אדער זיך צופאסען איינס צום צווייטען; איינער וואס ענטזאגט זיך שלום צו ווערען אדער איינגעהן אויף קאמפראמיסען [הויפטזעכליך אין פאליטיק].

irrec'oncilableness *n.* (אי-רעק׳-אנ-סאי-לעבל-נעס) דאס ניט קענען שלום ווערען; אונפעראייינבארקייט; אונפאסליכקייט; דאס ניט קענען הארמאנירען.

irrec'oncilably *adv.* (אי-רעק׳-אנ-סאי-לע-בלי) אזוי אז מען זאל ניט קענען שלום מאכען, צופאסען איינס צום צווייטען, מאכען הארמאניש אדער פעראייניגען.

irrec'oncile *v.* (אי-רעק׳-אנ-סאיל) אונאייניג מאכען.

irrec'oncilement *n.* (אי-רעק׳-אנ-סאיל-מענט) פיינדליכקייט, דאס ניט קענען שלום ווערען, אונפעראייינבארקייט, דאס ניט שטימען, אונהארמאנישקייט.

irreconcilia'tion *n.* (אי-רעק-אנ-סיל-אי-איי׳-שאן) ז. *irreconcilement*.

irrecor'dable *a.* (איר-אי-קאר׳-דעבל) וואס מען קען ניט אדער וואס עס פאסט ניט צו פראטאקאלירען [פערצייכנען, פערשרייבען] אדער צו געדענקען.

irrecov'erable *a.* (איר-אי-קאוו׳-ער-עבל) וואס מען קען ניט בעקומען צוריק; וואס מען קען ניט העלפען אדער פערריכטען.

irrecov'erableness *n.* (איר-אי-קאוו׳-ער-עבל-נעס) די אונמעגליכקייט צוריקצוקראגען צו ווערען; דאס ניט קענען געהאלפען אדער פערריכט ווערען.

irrecov'erably *adv.* (איר-אי-קאוו׳-ער-ע-בלי) ניט צו העלפען, ניט צו פערריכטען; אזוי אז מען קען ניט צוריקקריגען.

irrecu'sable *a.* (איר-אי-קיו׳-זעבל) וואס מען קען ניט אבשאפען, וואס מען קען ניט פערווארפען.

irredeemabil'ity *n.* (איר-אי-דיע-מע-ביל׳-אי-טי) ז. *irredeemableness*.

irredee'mable *a.* (איר-אי-דיע׳-מעבל) אונאויסלייזבאר, אונאויסקויפבאר; אונפערבעסערליך.

irredee'mableness *n.* (איר-אי-דיע׳-מעבל-נעס) אונאויסלייזבארקייט, אונאויסקויפבארקייט; אונפערבעסערליכקייט.

irredee'mably *adv.* (איר-אי-דיע׳-מע-בלי) אזוי אז מען זאל ניט קענען אויסלייזען אדער אויסקויפען; אויף אן אונפערבעסערליכען אופן.

irreducibil'ity *n.* (איר-אי-דיו-סי-ביל׳-אי-טי) אונפערמינדערליכקייט; די אונמעגליכקייט געבראכט צו ווערען צו אן אנדער צושטאנד.

irredu'cible *a.* (איר-אי-דיו׳-סיבל) וואס קען ניט געבראכט ווערען צו אן אנדער צושטאנד; וואס קען ניט פערמינדערט ווערען.

irredu'cibleness *n.* (איר-אי-דיו׳-סיבל-נעס) ז. *irreducibility*.

irredu'cibly *adv.* (איר-אי-דיו׳-סי-בלי) אזוי אז עס זאל ניט קענען געבראכט ווערען צו אן אנדער צושטאנד; אויף אן אונפערמינדערליכען אופן.

irreflec'tive *a.* (איר-אי-פלעק׳-טיוו) אונבעדאכט, אונאיבערלעגט, ניט דענקענד.

irreflex'ive *a.* (איר-אי-פלעק׳-סיוו) ניט רעפלעקטירענד, ניט צוריקשטראהלענד. ז. *reflexive*.

irrefor'mable *a.* (איר-אי-פאר׳-מעבל) וואס קען ניט רעפארמירט ווערען, וואס קען ניט געענדערט אדער אויסגעבעסערט ווערען.

irrefragabil'ity *n.* (אי-רעפ-רע-גע-ביל׳-אי-טי) אונבעשטרייטבארקייט; דאס ניט קענען אבגעפערענט ווערען.

irref'ragable *a.* (אי-רעפ׳-רע-געבל) אונבעשטרייטבאר; וואס מען קען ניט ווידערלעגען, וואס מען קען ניט אבפערענען.

irref'ragableness *n.* (אי-רעפ׳-רע-געבל-נעס) ז. *irrefragability*.

irref'ragably *adv.* (אי-רעפ׳-רע-גע-בלי) אויף אן אונבעשטרייטבארען אופן; אויף א אופן וואס מען קען ניט אבפערענען.

irrefran'gible *a.* (איר-אי-פרענ׳-דזשיבל) פעסט, אונצוברעכבאר, וואס מען קען ניט ברעכען אדער איבערטרעטען.

irrefran'gibly *adv.* (איר-אי-פרענ׳-דזשי-בלי) אויף א פעסטען, אונצוברעכבארען אופן.

irrefutabil'ity *n.* (איר-אי-פיו-טע-ביל׳-אי-טי) אונבעשרייטבארקייט.

irrefu'table *a.* (איר-אי-פיו׳-טעבל) אונבעשטרייטבאר.

irrefu'tably *adv.* (איר-אי-פיו׳-טע-בלי) אויף אן אונבעשטרייטבארען אופן.

irreg'ular *a.* and *n.* (אי-רעג׳-יו-לאר) אונרעגעלמעסיג; ניט ארדנונגסמעסיג; אונמעטאדיש; אונארדענטליך, ניט פאסיג, ניט אנשטענדיג, זיטענלאז, געזעצלאז; ניט סימעטריש; וואס האט ניט קיין בעשטימטע פארם [ווענען ביינער פון מענשליכען קערפער]; איינער וואס ווייכט אב פון די רעגעלען; איינער וואס איז ניט אין דער רעגולערער דיענסט [ווי א סאלדאט, למשל].

irregular'ity *n.* (אי-רעג-יו-לער׳-אי-טי) אונרעגעלמעסיגקייט; אונמעטאדישקייט, דאס זיין אונסימעטריש.

irreg'ularly *adv.* (אי-רעג׳-יו-לער-לי) אויף אן אונרעגעלמעסיגען אופן; אהן א מעטאדע; אהן סימעטריע; געגען די כללים.

irreg'ulate *v.* (אי-רעג׳-יו-לייט) בריינגען אין אונארדנונג; מאכען אונרעגעלמעסיג.

irreg'ulous *a.* (אי-רעג׳-יו-לאס) געזעצלאז; זיטענלאז; צולאזען.

irrela'tion *n.* (איר-אי-ליי׳-שאן) דאס ניט האבען קיין בעציהונג, קיין שייכות אדער קיין פערבינדונג.

irrel'ative *a.* and *n.* (אי-רעל׳-ע-טיוו) וואס האט ניט קיין שייכות, קיין בעציהונג אדער פערבינדונג; אין מוזיק — וואס האט ניט קיין געמיינזאמע טענער; עטוואס וואס האט ניט קיין שייכות.

irrel'atively *adv.* (אי-רעל׳-ע-טיוו-לי) אהן א שייכות, אהן פערבינדונגען.

irrel'evance *n.* (אי-רעל׳-אי-וועגס) ז. *irrelevancy*.

irrel'evancy *n.* (אי-רעל׳-אי-ווענ-סי) אונאנווענדבארקייט, דאס ניט האבען קיין שייכות צום ענין.

irrel'evant *a.* (אי-רעל׳-אי-וועגט) אונאנווענדבאר, וואס האט קיין שייכות ניט צום ענין.

irrel'evantly *adv.* (אי-רעל׳-אי-וועגט-לי) אהן שייכות צום ענין; אזוי אז מען קען עס ניט אנווענדען.

irreliabil'ity *n.* (איר-אי-לאי-ע-ביל׳-אי-טי) אונצופערלעסיגקייט, דאס ניט קענען זיך פערלאזען.

irrelie'vable *a.* (איר-רע-לי׳-וועבל) אונפערבעסערליך; וואס קען ניט פערלייכטערט ווערען, וואס קען ניט געהאלפען ווערען, וואס קען ניט געהיילט ווערען.

irrelig'ion *n.* (איר-אי-לידזש׳-אן) אונגלויבינקייט, רעליגיאנסלאזיגקייט, גאטלאזינקייט.

irrelig'ionist *n.* (איר-אי-לידזש׳-אנ-

איסט) א געגנער פון רעליגיאן; אן אונגלויביגער.

irrelig'ious *a.* (איר-אי-לידזש'-אס) ניט רעליגיעז, אונגלויביג, גאטלאז; זינדיג.

irrelig'iously *adv.* (איר-אי-לידזש'-אס-לי) אויף אן אונגלויביגען אדער אונרעליגיעזען אופן; אויף א זינדיגען אופן.

irrelig'iousness *n.* (איר-אי-לידזש'-אס-נעס) אונגלויביגקייט, גאטלאזיגקייט.

irrem'eable *a.* (אי-רעמ'-אי-עבל) פון וועלכען מען קען זיך ניט צוריקקעהרען; וואס ערלויבט ניט קיין צוריקקעהר; וואס קעהרט זיך ניט אום.

irreme'diable *a.* (איר-אי-מי'-די-עבל) וואס מען קען ניט פערריכטען, וואס מען קען ניט העלפען, וואס קען ניט גוט געמאכט ווערען, וואס קען ניט פערבעסערט ווערען אדער געהיילט ווערען.

irreme'diableness *n.* (איר-אי-מי'-די-עבל-נעס) אונפערבעסערליכקייט; אונהיילבארקייט; דאס ניט קענען פערריכט אדער געהאלפען ווערען; דאס ניט קענען גוט געמאכט ווערען.

irreme'diably *adv.* (איר-אי-מי'-די-ע-בלי) אזוי אז עס קען ניט געהאלפען ווערען, פערריכט ווערען, גוט געמאכט ווערען, געהיילט ווערען אדער פערבעסערט ווערען.

irremis'sible *a.* (איר-אי-מיס'-איבל) אונפערצייהליך, אונפערגעבליך.

irremis'sibleness *n.* (איר-אי-מיס'-איבל-נעס) אונפערצייהליכקייט, אונפערגעבליכקייט.

irremis'sibly *adv.* (איר-אי-מיס'-אי-בלי) אויף אן אונפערצייהליכען אופן; אזוי אז עס קען ניט פערגעבען ווערען.

irremis'sion *n.* (איר-אי-מיש'-אן) דאס ניט וועלען פערצייהען אדער פערגעבען.

irremis'sive *a.* (איר-אי-מיס'-איוו) אונפערצייהליך, וואס קען ניט פערגעבען ווערען; וואס וויל ניט פערצייהען.

irremit'table *a.* (איר-אי-מיט'-עבל) ז. *irremissible*

irremovabil'ity *n.* (איר-אי-מו-ווע-ביל'-אי-טי) בעשטענדיגקייט, דאס ניט קען ניט געענדערט און פערביטען ווערען מיט אן אנדערען אדער מיט עפעס אנדערס; דאס ניט קענען ארונטערגעזעצט ווערען [פון אמט].

irremo'vable *a.* (איר-אי-מו'-וועבל) אונבעוועגליך, בעשטענדיג, וואס קען ניט געענדערט און פערביטען ווערען אויף אן אנדערען; וואס קען ניט ארונטערגעזעצט ווערען [פון אמט].

irremo'vableness *n.* (איר-אי-מו'-וועבל-נעס) ז. *irremovability*

irremo'vably *adv.* (איר-אי-מו'-ווע-בלי) אזוי אז מען קען ניט בעזייטיגען אדער ארונטערזעצען.

irremu'nerable *a.* (איר-אי-מיו'-נע-רעבל) וואס ווערט ניט בעלוינט; וואס קען ניט בעצאהלט ווערען.

irreparabil'ity *n.* (אי-רעפ-ע-רע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען גוט געמאכט ווערען, פערריכט ווערען אדער צוריקגעשטעלט ווערען.

irrep'arable *a.* (אי-רעפ'-ע-רעבל) וואס קען ניט גוט געמאכט ווערען, פערריכט ווערען אדער צוריקגעשטעלט ווערען.

irrep'arableness *n.* (אי-רעפ'-ע-רעבל-נעס) ז. *irreparability*

irrep'arably *adv.* (אי-רעפ'-ע-רע-בלי) אזוי אז עס קען ניט פערריכט ווערען אדער גוט געמאכט ווערען.

irrepealabil'ity *n.* (איר-אי-פיע-לע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען צוריקגערופען ווערען אדער אבגעשאפט ווערען.

irrepea'lable *a.* (איר-אי-פיע'-לעבל) וואס מען קען ניט צוריקרופען אדער אבשאפען.

irrepea'lably *adv.* (איר-אי-פיע'-לע-בלי) אזוי אז עס זאל ניט קענען צוריקגערופען ווערען אדער אבגעשאפט ווערען.

irrepea'lableness *n.* (איר-אי-פיע'-לעבל-נעס) ז. *irrepealability*

irrepen'tance *n.* (איר-אי-פענ'-טענס) דאס ניט האבען קיין חרטה, דאס ניט טהאן קיין תשובה.

irrepla'ceable *a.* (איר-אי-פליי'-סעבל) וואס קען ניט ערזעצט ווערען, וואס אן אנדער זאך קען ניט פערנעהמען זיין פלאץ.

irreplev'iable *a.* (איר-אי-פלעוו'-אי-עבל) אונאויסלעזליך; וואס קען ניט בעפרייט ווערען פון א פערבאט.

irreplev'isable *a.* (איר-אי-פלעוו'-אי-זעבל) ז. *irrepleviable*

irreprehen'sible *a.* (אי-רעפ-רי-הענ'-סיבל) אונטאדעלהאפט [וואס איז ניט צו טאדלען].

irreprehen'sibleness *n.* (אי-רעפ-רי-הענ'-סיבל-נעס) אונטאדעלהאפטיגקייט, דאס ניט קענען געטאדעלט ווערען.

irreprehen'sibly *adv.* (אי-רעפ-רי-הענ'-סי-בלי) אהן טאדעל; אויף אן אונטאדעלהאפטען שטייגער; אזוי אז עס זאל ניט זיין פאר וואס צו טאדלען.

irrepresen'table *a.* (אי-רעפ-רי-זענ'-טעבל) וואס קען ניט פארגעשטעלט ווערען.

irrepress'ible *a.* (איר-אי-פרעס'-איבל) אונאונטערדריקבאר, וואס מען קען ניט אונטערדריקען.

irrepress'ibly *adv.* (איר-אי-פרעס'-אי-בלי) אויף אן אונאונטערדריקבארען אופן; ניט צום אונטערדריקען.

irrepress'ive *a.* (איר-אי-פרעס'-איוו) וואס איז ניט צום אונטערדריקען.

irreproa'chable *a.* (איר-אי-פראו'-טשעבל) טאדעללאז, אונטאדעלהאפט, וואס מען קען ניט טאדלען אדער קריטיקירען.

irreproa'chableness *n.* (איר-אי-פראו'-טשעבל-נעס) טאדעללאזיגקייט.

irreproa'chably *adv.* (איר-אי-פראו'-טשע-בלי) אויף א טאדעללאזען אופן; ניט צום קריטיקירען.

irreprodu'cible *a.* (אי-רי-פרא-דיו'-סיבל) וואס קען ניט רעפראדוצירט ווערען; וואס קען ניט נאך אמאל ערצייגט אדער ארויסגעבראכט ווערען.

irreproduc'tive *a.* (אי-רי-פרא-דאק'-טיוו) ז. *irreproducible*

irrepro'vable *a.* (איר-אי-פרו'-וועבל) וואס מען קען קיין פארווירפע ניט מאכען; וואס מען קען ניט טאדלען.

irrepro'vableness *n.* (איר-אי-פרו'-וועבל-נעס) דאס ניט קענען מאכען קיין פארווירפע; טאדעללאזיגקייט.

irrepro'vably *adv.* (איר-אי-פרו'-ווע-בלי) אויף אן אופן וואס מען קען ניט מאכען קיין פארווירפע אדער טאדלען.

irresil'ient *a.* (איר-אי-סיל'-אי-ענט) וואס שפרינגט ניט אב צוריק.

irresis'tance *n.* (איר-אי-זיס'-טענס) דאס ניט ארויסווייזען קיין ווידערשטאנד; בלינדע געהארכזאמקייט.

irresistibil'ity *n.* (איר-אי-זיס-טי-ביל'-אי-טי) אונווידערשטעהליכקייט, אונמעגליכקייט צו געבען א ווידערשטאנד אדער זיך שטעלען אנטקעגען.

irresis'tible *a.* (איר-אי-זיס'-טיבל) אונווידערשטעהליך, וואס מען קען ניט ווידערשטעהן, וואס מען קען זיך ניט שטעלען אנטקעגען.

irresis'tibleness *n.* (איר-אי-זיס'-טיבל-נעס) ז. *irresistibility*

irresis'tibly *adv.* (איר-אי-זיס'-טי-בלי) אויף אן אונווידערשטעהליכען אופן; אזוי דאס מען קען ניט ווידערשטעהן.

irres'oluble *a.* (אי-רעז'-א-ליובל) אונאויפלעזבאר, וואס מען קען ניט אויפלעזען, צולאזען אדער צושמעלצען.

irres'olubleness *n.* (אי-רעז'-א-ליובל-נעס) אונאויפלעזבארקייט, די אונמעגליכקייט אויפצולעזען, צולאזען אדער צושמעלצען.

irres'olute *a.* (אי-רעז'-א-ליוט) אונענטשלאסען.

irres'olutely *adv.* (אי-רעז'-א-ליוט-לי) אויף אן אונענטשלאסענעם אופן.

irres'oluteness *n.* (אי-רעז'-א-ליוט-נעס) אונענטשלאסענהייט.

irresolu'tion *n.* (אי-רעז-א-ליו'-שאן) ז. *irresoluteness*

irresolvabil'ity *n.* (איר-אי-זאל-ווע-ביל'-אי-טי) אונאויפלעזבארקייט, די אונמעגליכקייט אויפגעלעזט צו ווערען.

irresol'vable *a.* (איר-אי-זאל'-וועבל) אונאויפלעזבאר, וואס קען ניט אויפגעלעזט ווערען.

irresol'vableness *n.* (איר-אי-זאל'-וועבל-נעס) ז. *irresolvability*

irresolved' *a.* (איר-אי-זאלווד') אונענטשלאסען.

irresol'vedly *adv.* (איר-אי-זאל'-ווער-לי) מיט אונענטשלאסענהייט.

irrespec'tive *a.* (איר-אי-ספעק'-טיוו) אהן ריקזיכט; ניט אכטענדיג; ניט נעהמענדיג אין בעטראכט.

irrespec'tively *adv.* (איר-אי-ספעק'-טיוו-לי) ניט נעהמענדיג אין בעטראכט; ניט אכטענדיג; ניט נעהמענדיג קיין ריקזיכט.

irrespir'able *a.* (איר-אי-ספאיר'-עבל) וואס מען קען ניט איינאטהעמען; וואס טויג ניט איינצואטהעמען.

irrespon'dence *n.* (איר-אי-ספאנ'-דענס) דאס זיין ניט ענטשפרעכענד.

irresponsibil'ity *n.* (איר-אי-ספאנ-סי-ביל'-אי-טי) אונפעראנטווארטליכקייט.

irrespon'sible *a.* (איר-אי-ספאנ'-סיבל) אונפעראנטווארטליך.

irrespon'sibly *adv.* (איר-אי-ספאנ'-סי-בלי) ניט זייענדיג פעראנטווארטליך.

irrespon'sive *a.* (איר-אי-ספאנ'-סיוו) ניט געבענדיג קיין ענטפער; ניט ענטשפרעכענד.

irrespon'siveness *n.* (איר-אי-ספאנ'-סיוו-נעס) דאס ניט קענען אדער ניט וועלען געבען אן ענטפער; דאס זיין ניט ענטשפרעכענד.

irrestrai'nable *a.* (איר-אי-סטריי'-נעבל) וואס מען קען ניט איינשרענקען אדער צוריקהאלטען; וואס קען ניט איינגעצוימט ווערען.

irrestric'tive *a.* (איר-אי-סטריק'-טיוו) וואס איז ניט איינצושרענקען אדער צו בעשרענקען.

irresul'tive *a.* (איר-אי-זאל'-טיוו) רעזולטאטלאז; צוועקלאז.

irresus'citable *a.* (איר-אי-סאס'-אי-טעבל) וואס קען ניט אויפגעלעבט ווערען.

irresus'citably *adv.* (איר-אי-סאס'-אי-טע-בלי) אזוי אז עס קען ניט אויפגעלעבט ווערען.

irreten'tion *n.* (איר-אי-טענ'-שאן) דאס ניט קענען האלטען, שוואכקייט.

irreten'tive *a.* (איר-אי-טענ'-טיוו) ניט האלטענד, ניט איינהאלטענד, שוואך [ווי דער זכרון, למשל].

irret'icent *a.* (אי-רעט'-אי-סענט) ניט פערשווייגענד.

irretra'ceable *a.* (איר-אי-טריי'-סעבל) וואס מען קען ניט ווידערהאלען, צוריקגעהן, אבפרישען אין זכרון, צוריקפיהרען צום אורקוואל אדער איבערצייכנען.

irretrac'tile *a.* (איר-אי-טרעק'-טיל) וואס מען קען ניט אריינציהען אדער צוריקציהען.

irretrievabil'ity *n.* (איר-אי-טריע-ווע-ביל'-אי-טי) אונערזעצליכקייט; די אונמעגליכקייט צוריק גוט געמאכט צו ווערען; דאס ניט קענען מעהר צוריקגעקעהרט ווערען.

irretrie'vable *a.* (איר-אי-טריע'-וועבל) אונערזעצליך, וואכ קען ניט צוריק גוט געמאכט ווערען, וואס קען מעהר ניט צוריקגעקעהרט ווערען.

irretrie'vableness *n.* (אי-רי-טריע'-וועבל-נעס) ז. *irretrievability*

irretrie'vably *adv.* (איר-אי-טריע'-וועבלי) אונערזעצליך; ניט קענענדיג צוריק גוט געמאכט ווערען; ניט קענענדיג מעהר צוריק אומגעקעהרט ווערען.

irretur'nable *a.* (איר-אי-טויר'-נעבל) וואס מען קען ניט צוריקקעהרען אדער צוריקבריינגען.

irrevea'lable *a.* (איר-אי-וויע'-לעבל) וואס קען ניט ענטדעקט ווערען, וואס קען ניט געמאכט ווערען אפענבאר.

irrevea'lably *adv.* (איר-אי-וויע'-לע-בלי) אויף אן אופן וואס איז ניט צו ענטדעקען.

irrev'erence *n.* (אי-רעוו'-ע-רענס) דאס ניט עהרען אדער אכטען; גרינגשעצונג; דאס ניט אכטען גאט און הייליגקייטען.

irrev'erent *a.* (אי-רעוו'-ע-רענט) ניט אכטענד, ניט עהרענד; גרינגשעצענד.

irrev'erently *adv.* (אי-רעוו'-ער-ענט-לי) ניט עהרענדיג; גרינגשעצענדיג.

irreversibil'ity *n.* (איר-אי-וואיר-סי-ביל'-אי-טי) די אונמעגליכקייט צו ענדערען אדער צוריקצורופען.

irrever'sible *a.* (איר-אי-וואיר'-סיבל) וואס מען קען ניט מעהר ענדערען; וואס מען קען ניט צוריקרופען אדער אנולירען.

irrever'sibleness *n.* (איר-אי-וואיר'-סיבל-נעס) ז. *irreversibility*

irrever'sibly *adv.* (איר-אי-וואיר'-סי-בלי) אויף אן אופן וואס איז ניט צו ענדערען אדער צוריקצורופען.

irrever'tible *a.* (איר-אי-וואיר'-טיבל) ניט צו ענדערען; ניט צוריקצוציהען, ניט צוריקצואווענדען, ניט צוריקצוקעהרען.

irrevocabil'ity *n.* (אי-רעוו-א-קע-ביל'-אי-טי) דאס ניט קענען צוריקגערופען ווערען; אונפערמיידליכקייט.

irrev'ocable *a.* (אי-רעוו'-א-קעבל) אונווידעררופליך, וואס מען קען ניט צוריקרופען; אונפערמיידליך.

irrev'ocableness *n.* (אי-רעוו'-א-קעבל-נעס) ז. *irrevocability*

irrev'ocably *adv.* (אי-רעוו'-א-קע-בלי) אויף אן אופן וואס קען ניט צוריקגערופען ווערען; אויף אן אונפערמיידליכען אופן.

irrhetor'ical *a.* (איר-אי-טאר'-אי-קעל) ניט רהעטאריש, ניט רעדנעריש.

ir'rigable *a.* (איר'-אי-געבל) וואס מען קען בעוואסערען.

ir'rigate *v.* (איר'-אי-גייט) בעוואסערען; בעפייכטען.

irriga'tion *n.* (איר-אי-גיי'-שאן) בעוואסערונג; בעפייכטונג.

ir'rigator *n.* (איר'-אי-גיי-טאר) איינער אדער עפעס וואס בעוואסערט; אן אפאראט צום אויסשפריצען.

irrig'uous *a.* (אי-ריג'-יו-אס) בעוואסערט; בעפייכטעט.

irri'sion *n.* (אי-ריזש'-אן) פערשפאטונג, אבלאכונג.

irri'sory *a.* (אי-ראי'-סא-רי) אבשפאטענד, אבלאכענד.

irritabil'ity *n.* (איר-אי-טע-ביל'-אי-טי) רייצבארקייט; אויפרעגבארקייט.

ir'ritable *a.* (איר'-אי-טעבל) רייצבאר, אויפרעגבאר.

ir'ritableness *n.* (איר'-אי-טעבל-נעס) ז. *irritability*

ir'ritably *adv.* (איר'-אי-טע-בלי) אויף א רייצארבען אדער אויפרעגבארען אופן.

ir'ritancy *n.* (איר'-אי-טענ-סי) דאס רייצען; דאס אויפרעגען; אויפרעגונג.

ir'ritant *a.* and *n.* (איר'-אי-טענט) וואס רייצט; אויפרעגענד; וואס פעראורזאכט שמערצען, היץ אדער ענטצינדונג; א רייץ-מיטעל; א מיטעל וואס רופט ארויס שמערצען אדער ענטצינדונג.

ir'ritate *v.* (איר'-אי-טייט) רייצען; אויפרעגען; אריינבריינגען אין צארן.

ir'ritating *a.* (איר'-אי-טיי-טינג) וואס רייצט; אויפרעגענד; אריינבריינגענדיג אין צארן.

ir'ritatingly *adv.* (איר'-אי-טיי-טינג-לי) רייצענדיג; אויפרעגענדיג.

irrita'tion *n.* (איר-אי-טיי'-שאן) רייצונג; אויפרעגונג; אויפרייצונג; אויפגעבראכטקייט; דאס אריינבריינגען אין צארן.

ir'ritative *a.* (איר'-אי-טיי-טיוו) אויפרייצענד; אויפרעגענד.

ir'ritatory *a.* (איר'-אי-טיי-טא-רי) וואס רייצט אויף; וואס רעגט אויף.

irrora'tion *n.* (איר-א-ריי'-שאן) דאס בענעצען מיט טוי; דאס זיין בענעצט מיט טוי; דאס זיין געשפרענקעלט, געפלעקט [ווי די פליגעל פון א שמעטערלינג].

irrota'tional *a.* (איר-א-טיי'-שאנ-על) אונדרעהבאר, וואס דרעהט זיך ניט.

irrupt' *v.* (אי-ראפט') דורכברעכען; אריינברעכען, אריינדרינגען מיט גוואלט.

irrup'tion *n.* (אי-ראפ'-שאן) אן אריינברוך, דאס אריינברעכען זיך, דאס אריינדרינגען מיט גוואלט.

irrup'tive *a.* (אי-ראפ'-טיוו) זיך אריינברעכענד, אריינדרינגענד מיט גוואלט.

Ir'vingite *n.* (אויר'-ווינג-איט) אן אירווינגיאנער [א מיטגליעד פון א געוויסער קריסטליכער רעליגיעזער סעקטע, וועלכע איז געגרינדעט געווארען פון דעם שאטלענדישען גייסטליכען עדווארד אירווינג אין 18טען יאהרהונדערט].

is (איז) איז [דריטע פערזאן איינצאהל פון *be*].

is'abel *n.* (איז'-ע-בעל) איזאבעל-פארב [א געלב-גרויע אדער ברוין-גרויע פארב].

isabel'la *n.* (איז-ע-בעל'-א) ז. *isabel*

is'abelle *n.* (איז'-ע-בעל) ז. *isabel*

isabel'line *a.* (איז-ע-בעל'-אין) עהנליך צו איזאבעל-פארב; פון איזאבעל-קאליר [געלב-גרוי אדער ברוין-גרוי].

isagog'ic *a.* (אי-סע-גאדזש'-איק) איינלייטענד; וואס איז שייך צו אן איינלייטונג [בעזאנדערס וועגען דער איינלייטונג צו דער איבערזעצונג פון דער ביבעל].

isagog'ical *a.* (אי-סע-גאדזש'-אי-קעל) ז. *isagogic*

i'sagon *n.* (אי'-סע-גאן) א גלייכעקיגע אדער גלייכזייטיגע געאמעטרישע פיגור.

Isaian'ic *a.* (אי-זיי-יענ'-איק) וואס איז שייך צו ישעיה הנביא.

isan'drous *a.* (אי-סענ'-דראס) אין באטאניק — וואס די בלומען-שטענגלעך זיינען אלע גלייך און אין דערזעלביגער צאהל ווי די בלומען-בלעטלעך.

isan'therous *a.* (אי-סענ'-טהער-אס) אין באטאניק — וואס די שטויב-בייטלען זיינען אלע גלייך.

isan'thous *a.* (אי-סענ'-טהאס) אין באטאניק — וואס האט רעגולערע בלומען.

i'satis *n.* (אי'-סע-טיס) דער ווייסער פוקס; דער פאלאר-פוקס.

kin *n. and a.* (קין) א ראסע, א פאמיליע, א מין, א גאטונג; פערזאנען פון דערזעלביגער ראסע אדער פאמיליע; קרובה'שאפט, בלוט-פערוואנדטשאפט; פון אייגען-בלוט; נאהענט; פערוואנדט; מיט דערזעלביגער אייגענשאפט ווי אן אנדערער; פון דעמזעלבען סארט; א כינעזישע און יאפאנעזישע געוויכטס-מאס וואס ענטהאלט אונגעפעהר $1\frac{1}{3}$ פונט; א כינעזישער מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט זיידענע סטרונעס.

kin'chin *n.* (קינ'-טשין) א קינד [אויף גנבים-לשון].

kin'chin lay (קינ'-טשין ליי) דאס רויבען קינדער; א קנאפע בעדייטונג [פון א גנב צווישען פראפעסיאנעלע גנבים].

kind *n. and a.* (קאינד) א סארט, א מין, א גאטונג; אן ארט אדער מעטאדע פון א געוויסער טהעטיגקייט אדער אויפפיהרונג; פריינדליך; גוטהערציג; צערטליך; ליעבליך; מילד; דיענליך.

kin'dergarten *n.* (קינ'-דער-גארטען) א קינדער-גארטען [א שוהל פאר קליינע קינדער].

kin'dergartner *n.* (קינ'-דער-גארט-נער) א לעהרער אין א קינדער-גארטען.

kind'-hear'ted *a.* (קאינד'-האר'-טעד) ליעבליך, מילד, גוטהערציג.

kind'-hear'tedness *n.* (קאינד'-האר'-טעד-נעס) ליעבליכקייט, מילדקייט, גוטהערציגקייט.

kin'dle *v.* (קינדל) צינדען, אנצינדען; ענטצינדען; אויפהעצען; אילומינירען, בעלייכטען; זיך אנצינדען; פאנאנדערגליהען; זיך אויפהיצען.

kind'ler *n.* (קינד'-לער) א צינדער, אן ענטצינדער.

kind'liness *n.* (קאינד'-לי-נעס) גיטיגקייט, פריינדליכקייט, ליעבליכקייט, מילדקייט.

kind'ly *a. and adv.* (קאינד'-לי) פריינדליך, מילד, גוטמוטיג, גוטהערציג; סימפאטיש; אנגענעהם, ליעבליך; אויף א צוגעפאסטען אופן; דורך עהנליכקייט איינע צו די אנדערע; אויף א ליעבליכען, פריינדליכען שטייגער; מיט מילדקייט אדער צערטליכקייט; אויף א גינסטיגען אופן.

kind'ness *n.* (קאינד'-נעס) מילדקייט, ליעבליכקייט; גיטיגקייט, פריינדליכקייט.

kin'dred *n. and a.* (קינ'-דרעד) קרובה'שאפט, פערוואנדטשאפט; נאהענטקייט; בלוט-אייגען, פערוואנדט; נאהענט; צוגעפאסט; עהנליך.

kin'dred like'ness (קינ'-דרעד לאיק'-נעס) א פאמיליען-עהנליכקייט.

kin'dreds *n.* (קינ'-דרעדז) קרובים; פערוואנדטע; א משפחה, א שבט.

kind'-spo'ken *a.* (קאינד'-ספאו'קן) וואס איז אויסגעשפראכען אויף א מילדען, פריינדליכען שטייגער; מיט א פריינדליכער רעדעס-ארט.

His **kind-spoken** manner will win him many friends.

kind'-tem'pered *a.* (קאינד'-טעמ'-פערד) גוטמוטיג; מילד.

kinemat'ic *a.* (קינ-אי-מעט'-איק) קינעמאטיש; וואס איז שייך צו קינעמאטיק. ז. ***kinematics***

kinemat'ics *n.* (קינ-אי-מעט'-איקס) קינעמאטיק [דער טייל פון טעארעטישער מעכאניק, וואס פערנעהמט זיך מיט די בעוועגונגען פון קערפערס אונאבהענגיג פון די קרעפטען, וועלכע רופען ארויס דיעזע בעוועגונגען].

kinemat'ograph *n.* (קינ-אי-מעט'-א-גרעף) א קינעמאטאגראף אדער סינעמאטאגראף [אן אפאראט, וועלכער ווארפט אב אויף א לייוונד א רייה פאטאגראפישע בילדער פון פערזאנען און זאכען. די בילדער בייטען זיך אונגעהויער שנעל איינע נאך די אנדערע און דורך דעם בעקומט זיך אן איינדרוק, אז די פערזאנען און זאכען בעוועגען זיך אויף'ן לייוונד. שרייבט זיך אויך *cinematograph*].

kinesiat'ric *a.* (קי-ני-סי-עט'-ריק) וואס געהערט צו דער בעוועגונג פון די מוסקעלען [אלס א רפואה צו געוויסע קראנקהייטען].

kinesiat'rics *n.* (קי-ני-סי-עט'-ריקס) די בעוועגונג פון די מוסקעלען [ווי ביי גימנאסטיק אדער פערשידענע ארטען פון ספארט].

kinesip'athist *n.* (קינ-אי-סיפ'-ע-טהיסט) איינער וואס היילט א קראנקהייט דורך גימנאסטיק.

kinesip'athy *n.* (קינ-אי-סיפ'-ע-טהי) דאס היילען א קראנקהייט דורך גימנאסטיק.

kinesither'apy *n.* (קי-ני-סי-טהער'-ע-פי) דאס היילען א קראנקהייט דורך גימנאסטיק אדער אנדערע בעוועגונגען פון קערפער.

kinet'ic *a.* (קי-נעט'-איק) וואס רופט ארויס בעוועגונג; בעוועגענד; טהעטיג; וואס איז שייך צו קינעטיק. ז. *kinetics*.

kinet'ical *a.* (קי-נעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו קינעטיק. ז. *kinetics*.

kinet'ically *adv.* (קי-נעט'-אי-קעל-אי) אויף א קינעטישען שטייגער. ז. *kinetics*.

kinet'ics *n.* (קי-נעט'-איקס) קינעטיק אדער דינאמיק [דער טייל פון טעארעטישער מעכאניק, וועלכער פערנעהמט זיך מיט די בעוועגונגען פון קערפערס אין שייכות צו די קרעפטען, וועלכע האבען דיעזע בעוועגונגען ארויסגערופען].

kinetogenet'ic *a.* (קי-ני-טא-דזשי-נעט'-איק) וואס ענטוויקעלט אדער ברייגנט ארויס א בעוועגונג.

kine'togram *n.* (קי-ני'-טא-גרעם) דאס בילד וואס ווערט אבגעווארפען אויף א לייוונד דורך א קינעמאטאגראף. ז. *kinematograph*.

kine'tograph *n.* (קי-ני'-טא-גרעף) א קינעטאגראף, אן אפאראט אראבצונעהמען א רייה פאטאגראפישע בילדער פון א זאך וואס בעוועגט זיך און די בילדער אבצווארפען אויף א לייוונד.

kinetog'rapher *n.* (קינ-אי-טאג'-רע-פער) איינער וועלכער נעהמט אראב א רייה פאטאגראפישע בילדער מיט א קינעטאגראף. ז. *kinetograph*.

kinetograph'ic *a.* (קי-ני-טא-גרעפ'-איק) קינעטאגראפיש; וואס איז שייך צו א קינעטאגראף. ז. *kinetograph*.

kinetog'raphy *n.* (קינ-אי-טאג'-רע-פי) קינעטאגראפיע, דאס אראבנעהמען א רייה פאטאגראפישע בילדער פון א זאך וואס בעוועגט זיך.

kine'tophone *n.* (קי-ני'-טא-פאון) א קינעטאפאן. ז. *kinetophonograph*.

kinetopho'nograph *n.* (קי-ני-טא-פאו'-נא-גרעף) א קאמבינאציאן פון פאנאגראף מיט'ן קינעמאטאגראף [אויף דער לייוונד בעוועגען זיך פאטאגראפישע בילדער פון פערזאנען און זאכען און אין דערזעלבער צייט הערט מען דאס רעדען און זינגען פון דיעזע פערזאנען].

kine'toscope *n.* (קי-ני'-טא-סקאופ) אן אפאראט, דורך וועלכען די רייה בילדער וואס ווערען אראבגענומען דורך א קינעטאגראף, ווערען אבגעווארפען אויף א לייוונד שנעל איינע נאך די אנדערע, אזוי דאס עס קומט אויס, אז דאס בילד פון פערזאן אדער פון דער זאך אויף דער לייוונד איז אין שטענדיגער בעוועגונג.

king *n. and v.* (קינג) דער קעניג; א הויפט-רעגיערער; איינער וואס איז דער העכסטער אין זיין גראד; איינער פון די פיער מלכים אין קארטען; די הויפט-פיגור אין שאך-שפיעל; דער נאמען פון די הייליגע שריפטען אין כינא, וועלכע זיינען צוזאמענגעשטעלט און ארויסגעגעבען פון קאנפוציוס; א מין כינעזישער מוזיקאלישער אינסטרומענט פון 16 מעטאלענע פלאטען, אויף וועלכע מען קלאפט מיט א העמערל; געבען א קעניג; זאלבען אויף דעם כסא המלוכה.

king'-ap'ple *n.* (קינג'-עפ'ל) א מין גרויסער רויטער, זאפטיגער עפעל.

king'-at-arms' *n.* (קינג'-עט-ארמז') דער העראלד-מייסטער, איינער פון די אמאליגע העכסטע רעגיערונגס-בעאמטע, וועלכער האט געהאט אונטער זיין אויפזיכט פערשידענע אנגעלעגענהייטען בנוגע צו טיטולען, הערבען, עהרען-נעמען א. ד. ג.

king'-bird *n.* (קינג'-בוירד) א מין פליגען-פויגעל [א זינג-פויגעל מיט א ברייטען עטוואס אויסגעבויגענעם שנאבעל, מיט וועלכען עס כאפט פליגען בעת'ן פליהען].

King-bird

king'-bolt *n.* (קינג'-באולט) א שווארען [א הילצערנער אדער אייזערנער שטעקעל, וועלכער איז דורכגעלאזען דורך דעם פאדערשטען טייל פון א וואגען און דורך דער פאדערשטער אקס].

king'-crab *n.* (קינג'-קרעב) דער מאלוסקען-קרעבס [א מין ברייטער און פלאכער ים-פיש מיט א האלב-רונדען קאפ און קערפער, וואס איז עהנליך צו א פאדקאווע און מיט א לאנגען שפיציגען עק].



King-crab

king'craft *n.* (קינג'-קרעפט) די בעשעפטיגונג פון קעניגע; די קונסט צו רעגיערען ווי א קעניג.

king'cup *n.* (קינג'-קאפ) דער גאלד-קנאפ [א מין ביטער און גיפטיג גראז מיט האלב-צושפאלטענע בלעטער און געלבע בליטהען].

king'dom *n.* (קינג'-דאם) קעניגטום; א קעניגרייך; א רייך, א מלוכה.

king'dom come (קינג'-דאם קאם) יענע וועלט.

king'domed *a.* (קינג'-דאמד) וואס בעזיצט קעניגליכע מאכט אדער קעניגליכע אייגענשאפטען.

king'dom of heav'en (קינג'-דאם אוו העוו'ן) די הימעל-מלוכה, מלכותא דרקיע.

king'fish *n.* (קינג'-פיש) א מין לאקס [איינע פון עטליכע מינים גרויסע און עסבארע ים-פישען, ווי שטאקפיש, לאבאראז, מערלאן א. ד. ג.].



Kingfish

king'fish'er *n.* (קינג'-פיש'-ער) דער אייז-פויגעל [א פארביגער פויגעל מיט א לאנגען און שארפען שנאבעל, מיט א דיקען קאפ און קורצען עק].

Kingfisher

king'hood *n.* (קינג'-הוד) קעניגטום, קעניגליכקייט, קעניגליכע ווירדע.

King James Bi'ble (קינג דזשיימס באי'בל) די איבערזעצונג פון דער ביבעל אין ענגליש וואס איז געמאכט געווארען אין דער צייט פון ענגלישען קעניג דזשיימס דעם ערשטען אין אנהויב פון 17טען יאהרהונדערט.

king'-kill'er *n.* (קינג'-קיל'-ער) א קעניגס-מערדער, איינער וואס הרג'עט א קעניג.

king'less *a.* (קינג'-לעס) אהן א קעניג; וואס האט ניט קיין קעניג.

king'let *n.* (קינג'-לעט) א קליינער אדער שוואכער קעניג; דאס קעניגעל אדער צוין-קעניג [א קליין העל-געלב זינג-פויגעלע. ז. *wren*].

king'lihood *n.* (קינג'-לי-הוד) קעניגליכקייט, קעניגליכע ווירדע.

king'like *a.* (קינג'-לאיק) קעניגליך; ווי א קעניג.

king'liness *n.* (קינג'-לי-נעס) קעניגליכקייט; די אייגענשאפטען אדער מאניערען פון א קעניג.

king'ling *n.* (קינג'-לינג) א קעניגעל.

king'ly *a. and adv.* (קינג'-לי) וואס איז שייך צו א קעניג; קעניגליך; ווי א קעניג; מעשה קעניג.

king mob (קינג מאב) זיין מאיעסטעט דער פעבעל.

king'-piece *n.* (קינג'-פיעס) ז. ***king-post***.

king'-pin *n.* (קינג'-פין) אין קעגעלשפיעל — איינער פון די ניין אדער צעהן קעגלען, וועלכער שטעהט אין פארענט אדער אין צענטער פון דער ראהם; די הויפט פערזאן אין א געזעלשאפט אדער אונטערנעהמונג; דער שווארען פון א וואגען [ז. ***king-bolt***].

king'-pine *n.* (קינג'-פאין) די אנאנאסעןפלאנצע [ז. ***pineapple***]; א מין אינדישער טאנענבוים.

king'-post *n.* (קינג'-פאוסט) דער מיטעלסטער שטיץ=באלקען פון א דאך [דער באלקען, וועלכער שטעהט ווערטיקאל אין צענטער פון קווער=באלקען און האלט דעם שפיץ פון דאך].

king'-rail *n.* (קינג'-רייל) דער נארד=אמעריקאנישער קאראסטעל [א גרויסער פויגעל מיט רויטע ברוסט=פעדערען, מיט לאנגע פאדערשטע און זעהר א קורצען הינטערשטען פינגער. האלט זיך אויף ארום בלאטעס און לוזשעס].
ז. איל. ***"Game Birds"***

Kings *n.* (קינגז) ספר מלכים [פון תנ"ך].

king's coun'sel (קינגז קאונ'-סעל) אין ענגלאנד — אן אדוואקאט וואס איז בעשטימט פון לארד=קאנצלער אלס רעגיערונגס=ראטה [אזא אדוואקאט בעקומט ניט קיין בעזונדערען געהאלט, נאר דאס איז אן עהרען=אמט און ער צייכענט זיך אויס דערמיט, וואס זיין אדוואקאטען=מאנטעל איז א זיידענער].

king's Eng'lish (קינגז אינג'-ליש) א שעהנע און ריכטיגע ענגלישע שפראך.

king's e'vil (קינגז אי'וול) שקראפעל אדער זאלאטוכע, א מין מיקראבען=קראנקהייט, ביי וועלכער עס בילדען זיך אויס אייגענארטיגע מיקראבען=נעסטען אין די ביינער, צווישען די געלענקען און אונטער דער הויט [וועגען דיעזער קראנקהייט האט מען אמאל געמיינט, ווען א קעניג ריהרט זיך צו צום חולה, ווערט ער געזונד].

king's'-fish'er *n.* (קינגז'-פיש'-ער) ז. ***kingfisher***.

king'ship *n.* (קינג'-שיפ) קעניגטום; קעניגסווירדע; קעניגליכקייט.

king's jest'er (קינגז דזשעסט'-ער) דער הויף=נאר.

king's pic'tures (קינגז פיק'-טשורז) קלינגערס, מטבעות.

king's'-spear *n.* (קינגז'-ספיער) די גאלדוואורץ [אזא בלום].

king's stores (קינגז סטאורז) די פראוויאנט=מאגאזינען פאר די קריעגס=שיפען.

king's yel'low (קינגז יעל'-או) געלבער ארזעניק אדער מישיאק [א מין גיפטיגער פולווער וואס ווערט צייטענווייז בענוצט פון מאלער צו מאכען געלבע פארב].

king'-ty'rant *n.* (קינג'-טאי'-רענט) ז. ***king-bird***.

king'-vul'ture *n.* (קינג'-וואל'-טשור) א מין אמעריקאנער שפארבער אדער יאסטרעב.

kink *n. and v.* (קינק) א פלאנטער אדער א קניפעל אין א שטריק אדער פאדים; א משוגענער איינפאל, א טירוף, א קאפריז; דאס פערקייכען זיך פון הוסט אדער געלעכטער; פערפלאנטערען אדער פערקניפלען א שטריק אדער פאדים.

kin'kajou *n.* (קינ'-קע-דזשוה) א מין דרום=אמעריקאנישע ווילדע קאץ פון דעם מין לעמורען אדער האלב=אפען. ערנעהרט זיך מיט פרוכטען, אינזעקטען און פויגלען און קען לייכט ווערען א הויז=טהיער.

Kinkajou

kin'kle *v.* (קינקל) פערפלאנטערען אדער פערקניפלען א שטריק אדער פאדים.

kin'kled *a.* (קינ'קלד) וואס איז פערפלאנטערט אדער געקניפעלט [וועגען א שטריק אדער פאדים].

kin'ky *a.* (קינ'-קי) פערפלאנטערט, פערקניפעלט; וואס פערדרעהט זיך אדער צופלאנטערט זיך; עקסצענטריש, קאפריזנע.

kinnikinic' *n.* (קינ-אי-קי-ניק') די בלעטער אדער די קארע פון געוויסע פלאנצען, וועלכע די אינדיאנער ברויכען צום רויכערען ווי טאבאק.

kinnikinick' *n.* (קינ-אי-קי-ניק') ז. ***kinnikinic***.

ki'no *n.* (קי'-נאו) א מין גומי אדער דורכזיכטיגער פעכיגער זאפט פון געוויסע בוימער אין די הייסע לענדער. ווערט בענוצט אין מעדיצין.

kins'folk *n.* (קינז' פאוק) פערוואנדטע, קרובים.

kin'ship *n.* (קינ'-שיפ) קרובה'שאפט; פערוואנדטשאפט.

kins'man *n.* (קינז'-מען) א קרוב, א פערוואנדטער.

kins'woman *n.* (קינז'-הוואומ-ען) א קרובה, א פערוואנדטע.

kiosk' *n.* (קי-אסק') א קיאסק, א ביידעל; א גארטען=הויז; אין פראנקרייך — א ביידעל אדער טישעל וואו מען פערקויפט צייטונגען.

ki'ote *n.* (קאי'-אוט) ז. ***coyote***.

kip *n.* (קיפ) א ניט=בעארבייטע פעל פון קליינע חיות [ווי א קאלב, שאף א. ז. וו.]; א פרעהליך הייזעל.

kip'-leath'er *n.* (קיפ'-לעטה' ער) ז. ***kipskin***.

kip'per *n. and v.* (קיפ'-ער) א לאקס אין דער צייט ווען ער רייניגט זיך [ווארפט אב די איקרע]; געטריקענטער און געזאלצענער לאקס; רייניגען, טריקענען און זאלצען פיש.

kip'skin *n.* (קיפ'-סקין) לעדער פון די פעל פון יונגע בהמות. ז. ***kip***

kirk *n.* (קוירק) א קירך [אין שאטלאנד].

kirk'garth *n.* (קוירק'-גארטה) דער בית=הקברות ארום א קירך.

kirk ses'sion (קוירק סעש'-אן) א פערזאמלונג פון גלחים און קירכען=גבאים.

kirk'town *n.* (קוירק'-טאון) א דארף וואס האט א קירך.

kir'tle *n.* (קויר'טל) א מאנטעל; אן אונטער=רעקעל; א מאנאכען=קלייד; א מאס פלאקס [אונגעפעהר 100 פונט].

kish *n.* (קיש) אייזען=שוים [דער גראפיט וואס טיילט זיך אויס ביים שמעלצען אייזען]; א גרויסער קארב [אין אירלאנד].

kis'met *n.* (קיס'-מעט) דער שיקזאל, דער גורל, דער מזל.

kiss *n. and v.* (קיס) א קוש; א צוקערקע פון אן איי=ווייסעל מיט צוקער געבאקען אין אן אויווען; קושען; צערטליך אנריהרען.

kiss'able *a.* (קיס'-עבל) וואס איז ווערטה צו קושען.

kis'sar *n.* (קיס'-אר) א לירע מיט פינף סטרונעס וואס ווערט געברויכט אין צפון=אפריקא און אביסיניען.

kiss away' (קיס ע-הוויי') פערנאכלעסיגען אדער פערלירען עפעס דורך ליעבע.

kiss'er *n.* (קיס'-ער) א קושער.

kiss'es *n.* (קיס'-עז) ז. ***kiss-me***.

kiss'ing-and-hiss'ing *n.* (קיס'-אינג-ענד-היס'-אינג) א געוויסע שפיעל מיט קושען.

kiss'ing-bug *n.* (קיס'-אינג-באג) א קליין זשוקעל מיט א לאנגען און שארפען שטאכעל; איינער וואס האט ליעב זיך צו קושען.

kiss'ing-com'fit *n.* (קיס'-אינג-קאמ'-פיט) אזא שמעקעדיגע צוקערקע.

kiss'ing-crust *n.* (קיס'-אינג-קראסט) זליפעץ [דאס שטיקעל סקארינקע פון א לאבען ברויט וואס קומט צוגעקלעפט צו אן אנדער לאבען].

kiss in the ring (קיס אין טהי רינג) א געוויסע שפיעל [ווי "קאץ און מויז"].

kiss'-me *n.* (קיס'-מי) א מין וויאלעטענבלום.

kiss of peace (קיס אוו פיעס) ביי די פארצייטיגע קריסטען — א קוש וואס איינער פלעגט געבען דעם צווייטען אלס בעגריסונג אדער אלס צייכען פון קריסטליכער ליעבע און אויך ביי פערשיעדענע צערעמאניעס.

kiss the book (קיס טהי בוק) געבען א שבועה.

kiss the dust (קיס טהי דאסט) פאלען צו דער ערד; געטויטעט ווערען.

kiss the post (קיס טהי פאוסט) זיין אויסגעשלאסען; קומען צו שפעט צו עפעס.

kiss the rod (קיס טהי ראד) קושען די רוט; מקבל באהבה זיין די יסורים.

kit *n.* (קיט) א קעסטעל צו האלטען פערשיעדענע זאכען, ווי די געצייג פון א בעל=מלאכה א. ד. ג.; א קארב; א פלאש; א פאמיליע, א כנופיה; א קעצעלע; א קליין פיעדעלע מיט דריי סטרונעס; א מין צעמענט; אן אויסשטאטונג, אלע נויטווענדיגע זאכען פאר א געוויסער בעשעפטיגונג.

kitch'en *n.* (קיטש'-ען) א קיך.

kitch'en-boy *n.* (קיטש'-ען-באי) א קיך=יונג, א משרת אין קיך.

kitch'en cab'inet (קיטש'-ען קעב'-אי-נעט) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א גרופע אינטימע פריינד פון פרעזידענט דזשעקסאן [1829—37 יאהר], מיט וועלכע ער פלעגט זיך מעהר בעראטהען וועגען פערשיעדענע מלוכה=ענינים איידער מיט זיינע מיניסטארען.

kitch'ener *n.* (קיטש'-ענ-ער) א קוכער;

א משרת אין א קיך; אזא ספעציעלער אויווען צום קאכען.

kitch'en-fare *n.* (קיטש'-ען-פעהר) דיע־נער־שפייז, דאס עסען וואס די דיענער בע־קומען אין קיך.

kitch'en-gar'den *n.* (קיטש'-ען-גאר'דן) א גארטען פון קיכען־גרינס.

kitch'en-maid *n.* (קיטש'-ען-מייד) א קיך־מיידעל, א קיך־דיענסט.

kitch'en-phys'ic *n.* (קיטש'-ען-פיז'-איק) גוטע קעסט, געשמאקע מאכלים; שפייז פאר א קראנקען.

kitch'en-salt *n.* (קיטש'-ען-סאהלט) קאך־זאלץ.

kitch'en-stove *n.* (קיטש'-ען-סטאוו) א קיך־אויווען.

kitch'en-stuff *n.* (קיטש'-ען-סטאף) זאכען אדער מאטעריאלען וואס ווערען בענוצט צום קאכען, בעזונדערס פערשיע־דענע גרינסען; בראטען־פעטס; די פסלת פון קאך־מאטעריאלען.

kitch'en-ta'ble *n.* (קיטש'-ען-טייבל) א קיך־טיש.

kitch'en-wench *n.* (קיטש'-ען-הווענטש) ז. *kitchen-maid*.

kite *n.* and *v.* (קאיט) א מין שפארבער, א קאר־שון [אזא רויב־פויגעל]; א פא־פיערענער דראכען אדער פליהענדע שלאנג; איינער פון די העכסטע און קלענסטע זעגלען אויף א זעגעל־שיף; א פיקטיווער וועק־סעל; א ווערטהלא־זער טשעק; פלי־הען שנעל ווי א קארשון; ארויסלא־זען פיקטיווע וועקסלען; בעקומען געלד דורך פיקטיווע וועקסלען אדער ווערטהלא־זע טשעקס.

Kite

kite'-fli'er *n.* (קאיט'-פלאי'-ער) איי־נער וואס לאזט פליהען א פאפיערענע שלאנג; איינער וואס בעקומט געלד דורך ארויסלאזען פיקטיווע וועקסלען אדער ווערטהלאזע טשעקס.

kite'-fly'ing *n.* (קאיט'-פלאי'-אינג) דאס לאזען פליהען א פאפיערענע שלאנג; דאס בעקומען געלד דורך פיקטיווע וועקס־לען אדער ווערטהלאזע טשעקס.

kite'foot *n.* (קאיט'-פוט) א מין טאבאק־פלאנצע.

kite'-wind *n.* (קאיט'-הווינד) א זייד אדער זייד־וועסט ווינד וואס בלאזט אין סיאם [אזיע] ענדע פעברואר און אנ־הויב מערץ.

kit'-fox *n.* (קיט'-פאקס) אזא קליינער אמעריקאנער פוקס.

kith and kin (קיטה ענד קין) קינד און קייט, אלע פריינד אדער קרובים.

ki'ting *n.* (קאי'-טינג) ז. *kite-flying*.

kit'ling *n.* (קיט'-לינג) א קעצעלע; א יונגע חיה.

kit'ten *n.* and *v.* (קיטן) א קעצעלע; זיך קעצלען [האבען קעצלעך].

kit'tenish *a.* (קיט'נ-איש) ווי א קעצע־לע; שפיעליג.

kit'ty *n.* (קיט'-אי) א קעצעלע; אזא גרויסע הילצערנע שיסעל; א קעסטעלע, וואו קארטען־שפיעלער לעגען אב א טייל פון זייער געווינס פאר געוויסע אויסגאבען.

kiv'i *n.* (קיוו'-אי) דער קיווי [א מין פוי־געל פון ניי־זעעלאנד]. ז. *apteryx*.

kiv'i-kiv'i *n.* (קיוו'-אי-קיוו'-אי) ז. *kivi*.

ki'wi *n.* (קיע'-הווי) ז. *kivi*.

ki'wi-ki'wi *n.* (קיע'-הווי-קיע'-הווי) ז. *kivi*.

kleene'bok *n.* (קליענ'-באק) דער קליין־באק [איינער פון די קלענסטע אנטילא־פען אין דרום־אפריקא].

Kleenebok

kleptoma'nia *n.* (קלעפ-טא-מיי'-ני-א) קלעפטאמאניע. ז. *cleptomania*.

klick *n.* and *v.* (קליק) ז. *click*.

klick'et *n.* (קליק'-עט) אין פעסטונגס־ווערק — א קליין טויערעל.

klin'ker *n.* (קלינ'-קער) ז. *clinker*.

klin'ket *n.* (קלינ'-קעט) ז. *klicket*.

km. אבקירצונג פון *kilometer*.

knab *v.* (נעב) בייסען, גריזשען.

knack *n.* and *v.* (נעק) א שפיעלכעל, א קלייניגקייט; א כיטראסט, א שטוקע; גע־שיקטקייט; פלינקייט; קנאקען; א קריץ טהאן מיט די צייהן; מאכען קנאקען; רעדען מיט לעבעדיגקייט [גראגערען], דערצעהלען.

knack'er *n.* (נעק'-ער) א גראגער, א קלאפער, א קאלאקאטקע; איינער וואס מאכט קינדערשע שפיעלציינג.

knack'ish *a.* (נעק'-איש) געשיקט, פלינק, כיטרע.

knack'ishness *n.* (נעק'-איש-נעס) גע־שיקטקייט, כיטרעקייט.

knack'y *a.* (נעק'-אי) ז. *knackish*.

knag *n.* (נעג) א קנאטען, א סוק, א סענק; א טשוועקעל פון האלץ.

knag'gy *a.* (נעג'-אי) קנאטיג, סוקעווא־טע, מיט סענקעס; שלעכט געשטימט, בייז, קריגעריש, צאנק־זיכטיג.

knap *v.* (נעפ) קנאקען; ברעכען; פא־נאנדערקלאפען.

knap'bottle *n.* (נעפ'-באטל) א מין גראז מיט בלויע בליטהען, וועלכע הענגען אראב ווי גלעקלעך.

knap'per *n.* (נעפ'-ער) א שטיין־האקער; דער האמער, מיט וועלכען מען האקט שטיי־נער.

knap'sack *n.* (נעפ'-סעק) א רא־נעץ [א מין לע־דערנער קליינער טשעמאדאן, וועל־כען סאלדאטען בינ־דען צו צום רוקען און טראגען אין איהם זייערע נוי־טיגע חפצים].

Knapsack

knap'weed *n.* (נעפ'-הוויעד) די פלא־קען־בלום [א מין גראז אויף די פעלדער און לאנקעס מיט בלויע קארב־ארטיגע בליטהען. ווערט בענוצט צו מאכען איי־ניגע פארבען און אויך אין דער מעדי־צין].

knar *n.* (נאר) א קנאטען, א סוק פון א בוים; אן אנוואוקס אויף א בוים; א פעלז; א קורצער גנוצעטער מענש.

knar'led *a.* (נארלד) מיט קנאטען, מיט סוקעס אדער סענקעס.

knave *n.* (נייוו) א פריינד, א חבר; א גנב, א שעלמע; אן אונטער אדער וואלעט [אין קארטען].

knave in grain (נייוו אין גריין) א פלוט, א שווינדלער.

kna'very *n.* (ניי'-ווער-אי) שעלמעריי, אונעהרליכקייט, בעטרוג.

kna'vish *a.* (ניי'-וויש) שעלמיש, בע־טריגעריש.

kna'vishly *adv.* (ניי'-וויש-לי) אויף אן אונעהרליכען, בעטריגערישען שטייגער; מעשה שעלמע, שעלמיש.

kna'vishness *n.* (ניי'-וויש-נעס) ז. *knavery*.

knaw'el *n.* (נאה'-על) א יאהאניסבלום [א מין גראז מיט גרינליכע בליטהען. וואקסט אויף זאמדיגען בארען].

knead *v.* (ניעד) קנעטען; אויסמישען; פעראייניגען.

knea'dable *a.* (ניע'-דעבל) וואס לאזט זיך קנעטען.

knea'der *n.* (ניע'-דער) א קנעטער; א קנעט־מאשין.

knea'dingly *adv.* (ניע'-דינג-לי) אויף א קנעטענדען אופן; מעשה קנעטער.

knea'ding-machine' *n.* (ניע'-דינג-מע-שין') א קנעט־מאשין [פאר טייג].


Kneading-machine

knea'ding-trough *n.* (ניע'-דינג-טראהף) א קנעט־טרייזשע.

knee *n.* (ניע) א קניע; עטוואס וואס איז עהנליך צו א קניע.

knee'-bone *n.* (ניע'-באון) דער קניע־ביין.

knee'-boss *n.* (ניע'-באס) א קניע־פאנ־צער [א מין אייזערן דעקעל, וואס די מיטעלאלטערליכע ריטער פלעגען אנ־טהאן אויף דער קניע].

knee'-breech'es *n.* (ניע'-בריטש'-עז) קניע־הויזען [הויזען וואס גרייכען נאר ביז די קניע].

knee'-cap *n.* (ניע'-קעפ) דער ביין אין פארענט פון דער קניע; דאס וואס בע־דעקט די קניע.

knee'-cords *n.* (ניע'-קאהרדז) ז. *knee-breeches*.

knee'-crook'ing *a.* (ניע'-קרוק'-אינג) מיט געבויגענע קניע, מיט הכנעה, קנעכ־טיש.

kneed *a.* (ניעד) מיט קניע; אויסגע־בויגען אין די קניע; אין זאאלאגיע און באטאניק — אויסגעבויגען אין געלענק.

knee'-deep *a.* (ניע'-דיעפ) טיעף ביז די קניע.
The snow lay knee-deep.

knee'-guard *n.* (ניע'-גארד) א קניע-פאנציר.

knee'-high *a.* (ניע'-האי) ז. *knee-deep*.

knee'holly *n.* (ניע'-האל-אי) דער מויז-דארן [א קליין בוימעל מיט שפיציגע און שטעכדיג גרינע בלעטער]. ז. *butcher's-broom*.

knee'holm *n.* (ניע'-האום) ז. *kneeholly*.

knee'-joint *n.* (ניע'-דזשאינט) דאס געלענק פון קניע.

knee'-join'ted *a.* (ניע'-דזשאינ'-טעד) אין באטאניק און זאאלאגיע — אויסגעבויגען אין געלענק.

kneel *v.* (ניעל) קניען, זיך קניען.

knee'ler *n.* (ניע'-לער) איינער וואס קניעט זיך אדער שטעהט אויף די קניע.

knee'ling *n.* (ניע'-לינג) דאס קניען.

knee'ling-stool *n.* (ניע'-לינג-סטוהל) דאס בענקעל אין א קירך, אויף וועלכען מען שטעהט אויף די קניע.

knee'pan *n.* (ניע'-פען) דער פאדערשטער ביין פון קניע.

knee'string *n.* (ניע'-סטרינג) א שטרומפפבאנד, א פאדעסקע.

knee'-tim'ber *n.* (ניע'-טימ'-בער) דאס קניע-האלץ [די אויסגעבויגענע קלעצער וואס ווערען געברויכט אין בויען א שיף].

knee'-trib'ute *n.* (ניע'-טריב'-יוט) הכנעה; אונטערטעניגקייט.

knee'-wor'ship *n.* (ניע'-וואויר'-שיפ) דאס פאלען כרעים.

knell *n. and v.* (נעל) דער גלאקען-קלונג נאך א טויטען; קלינגען אין די גלאקען נאך א געשטארבענעם.

knelt (נעלט) געקניעט. ז. *kneel*

knew (ניו) געוואוסט, געקענט. ז. *know*

knick *v. and n.* (ניק) קנאקען, טרעשטשען, דאס קנאקען, א טרעסק.

knick'er *n.* (ניק'-ער) א ליימען קויקעלע [פאר קינדער-שפיעל].

Knick'erbocker *n. and a.* (ניק'-ער-באק-ער) איינער וואס שטאמט ארויס פון די האלענדער, וועלכע זיינען געוועזן די ערשטע איינוואהנער פון ניו יארק; וואס איז שייך צו די האלענדער, וועלכע האבען זיך די ערשטע בעזעצט אין ניו יארק, אדער צו די, וואס שטאמען ארויס פון זיי.

knick'erbocker *n.* (ניק'-ער-באק-ער) א גראבער, שארסטקער געוואנד פאר פרויען-קליידער.

knick'erbockers *n.* (ניק'-ער-באק-ערז) שאראווארעס אדער ברייטע הויזען, וואס דערגרייכען ביז די קניע און פערשפילען זיך פון אונטען.

knick'knack *n.* (ניק'-נעק) א שפיעלצייג; א קליינינגקייט.

knick'knackatory *n.* (ניק'-נעק-ע-טא-רי) א זאמלונג פון שפיעלצייג אדער קליינינקייטען.

knick'knackery *n.* (ניק'-נעק-ער-אי) שפיעלצייג, קליינינקייטען.

knife *n. and v.* (נאיף) א מעסער; א שטעכמעסער, א קינזשאל; דערשטעכען אדער קוילען מיט א מעסער; אין אמעריקאנער פאליטיק — ארבייטען אין געהיים אדער מיט הינטערוועגלעך, אז דער קאנדידאט פון דער אייגענער פארטיי זאל דורכפאלען ביי די וואהלען.

knife'-bas'ket *n.* (נאיפ'-בעס'-קעט) א מעסער-קערבעל [א קערבעל צו האלטען מעסערס].

knife'-blade *n.* (נאיפ'-בלייד) א קלינגע פון א מעסער.

knife'-board *n.* (נאיפ'-באורד) דאס ברעט, אויף וועלכען מען רייניגט מעסערס; אין ענגלאנד — די צווייזייטיגע באנק פון אויבען אויף א טראמוואי אדער אמניבוס.

knife'-box *n.* (נאיפ'-באקס) א מעסער-קעסטעל [א קעסטעל, וואו מען האלט מעסערס].

knife'-boy *n.* (נאיפ'-באי) א מעסער-פוצער [א משרת אין א קיך].

knife'-edged *a.* (נאיפ'-עדזשד) וואס האט א שארף ווי א מעסער.

knife'-grin'der *n.* (נאיפ'-גראינ'-דער) א מעסער-שלייפער; א שארף-שטיין.

knife'-rest *n.* (נאיפ'-רעסט) א מעסער-געשטעל, א מעסער-האלטער [א קליינער, מעטאלענער געשטעל, אויף וועלכען מען לעגט ביים עסען דעם גאפעל און מעסער, כדי דער טישטוך זאל זיך ניט איינריכטען].

knife'-sharpe'ner *n.* (נאיפ'-שארפ'-נער) א מעסער-שארפער [א שטיקעל שטאהל צום שארפען מעסערס].

knife'-tray *n.* (נאיפ'-טריי) א מעסער-קארב. ז. *knife-basket*.

knight *n. and v.* (נאיט) א קאוואליער, א ריטער; אן עהרען-טיטול; דער שפרינגער אדער פערד אין שאך-שפיעל; מאכען פאר א ריטער.

Knight

knigh'tage *n.* (נאי'-טעדזש) דער ריטער-שטאנד.

knight bach'elor (נאיט בעטש'-ע-לאר) א ריטער פון אונטערשטען ראנג.

knight'-er'rant *n.* (נאיט'-ער'-ענט) א וואנדערענדער ריטער [א ריטער וואס וואנדערט איבער דער וועלט און ווייזט ארויס זיינע גבורות און גוטהערציגקייט].

knight'-er'rantry *n.* (נאיט'-ער'-ענט-רי) דאס וואנדער-ריטערטום. ז. *knight-errant*

knight'-head *n.* (נאיט'-העד) איינער פון די צוויי קלעצער, צווישען וועלכע עס האלט זיך די האריזאנטאל-ליגענדע מאסט, וואס שטארצט ארויס פון דעם פאדערשטען טייל פון א זעגעל-שיף.

knight'hood *n.* (נאיט'-הוד) ריטערשאפט; דער ראנג אדער די ווירדע פון א ריטער; דער ריטער-שטאנד.

knight'ly *a. and adv.* (נאיט'-לי) ריטעריש, ריטערליך; אויף א ריטערליכער ארט.

knight of the post (נאיט אוו טהי פאוסט) א פאלשער עדות; א קיסלער; א גנב.

knight of the road (נאיט אוו טהי ראוד) א וואלד-גזלן, א גאסען-רויבער; אן ארומשלעפער; א בראדיאגע.

knight of the shears (נאיט אוו טהי שיערז) א שניידער.

knight of the whip (נאיט אוו טהי הוויפ) א קוטשער, א שמייסער.

Knights of La'bor (נאיטס אוו ליי'-באר) אן ארבייטער-ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אין יאהר 1869 מיט דעם ציעל צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון ארבייטער-קלאס און מיטווירקען דער אינדוסטריעלער און סאציאלער ענטוויקלונג פון די מאסען [די ארגאניזאציאן איז געווען א געהיימע מיט דער פארם פון א געהיימען ארדען].

Knights Tem'plars (נאיטס טעמ'-פלארז) די טעמפעל-ריטער [א ריטערליכער ארדען, וועלכער האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1119 מיט דעם ציעל צו פערטיידיגען די קריסטליכע פילגרימען, וועלכע פלעגען געהען אין ירושלים]; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א געוויסע אבטיילונג פון די פריימויערער, וועלכע זיינען ארגאניזירט ווי די אמאליגע טעמפעל-ריטער.

knit *v. and n.* (ניט) שטריקען; פלעכטען; בינדען, פערקניפען; זיך פעראייניגען; א פערקניפלונג, צונויפהעפטונג; א קניפעל-נאט אדער קניפעל-זוים.

knit'table *a.* (ניט'-עבל) וואס קען געשטריקט אדער פערקניפעלט ווערען; וואס איז פעראייניבאר.

knit'ter *n.* (ניט'-ער) א שטריקער, א העפטער.

knit the brows (ניט טהי בראוז) קנייטשען דעם שטערען; אנכמורען זיך.

knit'ting *n.* (ניט'-אינג) דאס פלעכטען, העפטען אדער שטריקען; געשטריקטער שטאף; שטיקעריי.

knit'ting-case *n.* (ניט'-אינג-קייס) ז. *knitting-sheath*.

knit'ting-machine' *n.* (ניט'-אינג-מע-שין') א שטריק-מאשין.

knit'ting-nee'dle *n.* (ניט'-אינג-ניעדל) א שטריק-נאדעל, א העפט-נאדעל, א פרענטעל, א שפיזעל.

knit'ting-pin *n.* (ניט'-אינג-פין) א טאמבור=נאדעל, א העקעל=נאדעל.

knit'ting-sheath *n.* (ניט'-אינג-שיעטה) א שיידעל צום האלטען שטריקנאדלען.

knit'ting-work *n.* (ניט'-אינג-הוואירק) שטריקעריי=ארבייט.

knit'tle *n.* (ניטל) א שנירעל [צוזאמענציהען א בייטעל]; א מין קליינער שיף=שטריק.

knit up (ניט אפ) צוזאמענשטריקען, פעסט פעראייניגען.

knives *n.* (נאיווז) מעסערס. ז. ***knife***

knob *n.* *and* *v.* (נאב) א קנאפ, א גוזיק, א גוז, א בערגעל; א קנאטען, א סוק, א סענק; א טהיר=קנאפ; אויפהויבען זיך אדער אויסוואקסען ווי א גוז אדער בערגעל; ווערען סוקעוואטע; מאכען סוקעוואטע; אבריייניגען פון בערגלעך.

knobbed *a.* (נאבד) מיט גוזען, מיט בערגלעך; מיט קנאטען אדער סענקעס.

knob'bines *n.* (נאב'-אי-נעס) דאס זיין גוזעוואטע, סוקעוואטע, קנאטענדיג אדער בערגעלדיג.

knob'ble *v.* (נאבל) אויסוואקסען ווי א גוז אדער בערגעל; ווערען סוקעוואטע, מאכען סוקעוואטע; אבריייניגען פון סוקעס אדער בערגלעך. ז. ***knob***

knob'bled *a.* (נאבלד) ז. ***knobbed***

knob'by *a.* (נאב'-אי) ז. ***knobbed***

knob'stick *n.* (נאב'-סטיק) א שווערער שטעקעל מיט א גאלקע; א שטרייק=ברעכער, א סקעב.

knock *v.* *and* *n.* (נאק) קלאפען, שטויסען; א קלאפ טהאן מיט עפעס; אנקלאפען; אנשטויסען זיך, אבקלאפען זיך; א קלאפ, א שטויס, א שלאג.

knock about' (נאק ע-באוט') זיך ארומשלעפען, ארומשלענדערען אהן א ציעל; זיך ארומטרייבען איבער דער וועלט, אומוואנדערען; שלעכט בעהאנדלען, קוועלען.

knock'-about' man (נאק'-ע-באוט' מען) איינער וואס שלעפט זיך ארום אהן א ציעל; איינער וואס טרייבט זיך ארום איבער דער וועלט; א בראדיאגע; א מענש וואס טויג צו אלע מלאכות; א מושלם, א כל=בו'ניק.

knock'-down *a.* (נאק'-דאון) צוקלאפענד, צושטערענד; וואס מען קען ניט ווידערשטעהן, צושמעטערענד; וואס איז לייכט פאנאנדערצונעהמען און צונויפשטעלען.

knock down (נאק דאון) אנידערוואר=פען; אין אויקציאן=פערקויף אדער ליציטאציע — אבקלאפען מיט'ן האמער אלס סמן, אז די זאך איז שוין פערקויפט געווארען.

knock down fares (נאק דאון פעהרז) גנב'ענען דאס פאהר=געלד [ווענען א קאנדוקטאר אויף אן אייזענבאהן אדער טראמוואי, וועלכער גנב'עט דאס פאהרגעלד, וואס ער בעקומט פון די פאסאזשירען].

knocked up (נאקט אפ) צושלאגען; אבגעמאטערט; מאט [אין שאכמאט=שפיעל].

knock'er *n.* (נאק'-ער) א קלאפער, א שטויסער; א טהיר=קלאפער [אן אייזערן העמערעל וואס הענגט אויף דער טהיר אום אנצוקלאפען אין איהר]; ביי די בערג=ארבייטער — דער קלאפער [א שד, ווענען וועלכען זיי גלויבען, אז ער געפינט זיך אין דער ערד און קלאפט אן צו בעווייזען די מענשען, וואו עס ציהען זיך מינעראל=אדערען].



Knocker

knock in (נאק אין) אריינקלאפען מיט שווערינקייט.

knock'ing-mill *n.* (נאק'-אינג-מיל) א וואלנע אדער א מיהל, וואו מען וואלקעוועט אדער מען קלאפט דורך און מען מאכט ווייך געוויסע שטאפען.

knock in'to a cocked hat (נאק אינ'-טו ע קאקט העט) צוברעכען אויף פיצלעך, מאכען א תל.

knock'-kneed *a.* (נאק'-ניעד) וואס האט אויסגעבויגענע פיס, אזוי אז די קניע קלאפען זיך איינע אן די אנדערע ביים גאנג; קרום, שוואך.

knock'-off *n.* (נאק'-אף) א פאררוקטונג אין א האפטונגס=מאשין, דורך וועלכער עס נעהמען זיך אראב די קניפלעך און פלאנטערס פון די פאדים.

knock off (נאק אף) אבשטעלען; מאכען א סוף צו עפעס; אב'פטר'ען; אויפהערען; אויפהערען ארבייטען.

knock'-out *a.* *and* *n.* (נאק'-אוט) ארויסשלאגענד; צוברעכענד; צושטערענד; אין פויסט=געשלעג — א קלאפ וואס פערורזאכט בעוואוסטלאזיגקייט.

knock out (נאק אוט) געווינען אין א פויסט=געשלעג; בעזיעגען; האבען אן איבערהאנד; פערלירען דעם שפור [ווענען יאגד=הינט].

knock o'ver (נאק או'-ווער) אומוואר=פען, אומשטירצען, דערשיסען.

knock round (נאק ראונד) זיך ארומטרייבען.

knock togeth'er (נאק טו-געטה'-ער) צונויפקלאפען אדער צונויפפאקען אין אייַלעניש, ווי עס איז.

knock un'der (נאק אנ'-דער) אונטערגעבען זיך, אנערקענען זיך אלס בעזיעגט.

knock up (נאק אפ) אויסמאטערען, אויסצעהרען פון מיעדקייט; אויפוועקען דורך אנקלאפען [אין טהיר]; צונויפקלאפען, צונויפשלאגען א זאך [ווי מיט טשוועקלעך אדער אין איילעניש]; אין בוכבינדעריי — אויסגלייכען די בלעטער קלאפענדיג מיט זיי אן טיש.

knoll *v.* *and* *n.* (נאול) קלינגען; קלינגען נאך א טויטען; דאס קלינגען; א בערגעל.

knoll'y *a.* (נאול'-אי) בעדעקט מיט קליינע רונדע בערגלעך.

knosp *n.* (נאספ) א שפראץ=קעפעלע פון א פלאנצונג.

knot *n.* *and* *v.* (נאט) א קנופ, א קניפעל; א באנט; א גוז, א סוק, א סענק; א בינטעל, א פערבאנד; א גרופע, א באנדע; אן אקסעלבאנד [א שנירעל מיט מעטאלענע שפיצען]; ביי די ים=פאהרער — א קנאט [א לענגען=מאס פון 6080 פוס]; א שווירינקייט, א פראבלעם; צוזאמענקניפען, פערבינדען; פערוויקלען, פערפלאנטערען; מאכען קניפלעך.

knot'berry *n.* (נאט'-בער-אי) א מין שווארצע מאלינע [ווערט געברויכט צום עסען און אין מעדיצין].

knot'-grass *n.* (נאט'-גרעס) א מין גראז, וואס וואקסט זיך פאנאנדער אין צווייגלעך און מיט קנאטען. געפינט זיך איבעראל און וואקסט על פי רוב אויף טרוקענע אויסגעטראטענע ערטער.

knot'less *a.* (נאט'-לעס) אהן קניפלעך; אהן גוזיקעס, אהן סענקעס.

knot'ted *a.* (נאט'-עד) ז. ***knotty***

knot'tiness *n.* (נאט'-אי-נעס) קניפעלדיגקייט; פערוויקלונג, פערפלאנטערטקייט.

knot'ty *a.* (נאט'-אי) קניפעלדיג; גוזעוואטע, סענקעוואטע; פערוויקעלט, פערפלאנטערט; שוויריג.

knot'weed *n.* (נאט'-הוויעד) ז. ***knot-grass***

knout *n.* *and* *v.* (נוהט) דער קנוט [א מין בייטש מיט וועלכער מען פלעגט אין אמאליגע צייטען שלאגען פערברעכער אין רוסלאנד]; שלאגען מיט א קנוט.

know *v.* (נאו) וויסען, קענען, ערקענען; פערשטעהן.

know'able *a.* (נאו'-עבל) וואס מען קען וויסען אדער פערשטעהן.

know'ableness *n.* (נאו'-עבל-נעס) די ערקענבארקייט; דאס קענען בעוואוסט ווערען.

know'-all *n.* (נאו'-אהל) א יודע הכל; דער אלוויסער; איינער וואס פרעטענדירט אז ער ווייסט אלץ.

know by heart (נאו באי הארט) וויסען אויף אויסווענינ.

know'er *n.* (נאו'-ער) א קענער, א וויסער.

know'ing *a.* *and* *n.* (נאו'-אינג) ערפאהרען; געשיקט; פערשטענדיג; שארפזיניג; קלוג; כיטרע; דורכגעטריבען; פערשפיצט; פראנטעוואטע; קענטשאפט; קלוגשאפט; דאס וויסען; פערשטאנד.

know'ingly *adv.* (נאו'-אינג-לי) וויסענדיג; מיט קענטשאפט פון דער זאך; מיט א פאראויס=בעוואוסטער כונה; אויף א שארפזיניגען, כיטרען אופן.

know'ingness *n.* (נאו'-אינג-נעס) כיטרעקייט; דורכגעטריבענקייט.

knowl'edge *n.* (נאל'-עדזש) דאס וויסען; קענטניס; ערקענטניס; וויסענשאפט; א ידיעה, א נאכריכט פון עפעס; די בעקאנטשאפט מיט אימעצען אדער עפעס; ערפאהרענהייט; געשיקטליכקייט; דאס ערקענען.

knowl'edge-box *n.* (נאל'-עדזש-באקס) דער קאפ.

known *a.* (נאון) בעקאנט; בעוואוסט.

Know'-noth'ing *n.* (נאו'-נאטה'-אינג) א מיטגליעד פון דער געהיימער "אמעריקאנער פארטיי", וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט אין יאהר 1854 מיט דעם ציעל ניט צו דערלאזען, אז א וועלכער ניט איז מלוכה=אמט זאל זיין פערנומען פון איינעם וואס איז ניט קיין אמעריקאנער געבארענער [צוליעב דיעזען ציעל האט די פארטיי געפאדערט, עס זאל שטארק בעשרענקט ווערען דאס רעכט פון נאטוראליזאציאן].

know'-noth'ing *a. and n.* (נאו'–נאטה'–אינג) אונוויסענד; אן אונוויסענדער מענש; אן עם־הארץ.

Know'-noth'ingism *n.* (נאו'–נאטה'–אינג–איזם) די פרינציפען פון דער "אמעריקאנער פארטיי". ז. ***Know-nothing***

know the ropes (נאו טהי ראופס) קענען א זאך מיט אלע פרטים; וויסען אלע שטריק פון זעגעל־שיף.

know what's what (נאו הוואטס הוואט) וויסען וואס און ווען; ניט בלאנדזשען אין א זאך; שטעהן אויף א פעסטען בארדען.

knuck'le *n. and v.* (נאקל) דער קנעבעל, דאס געלענק [פון קניע און פון פינגער]; א געלענק, זאוויעסע צום אויפמאכען און צומאכען דאס טהירעל פון א קעסטעלע; בויגען די קניע; זיך אונטערווארפען; נאכגעבען.

knuck'le down (נאקל דאון) זיך אונטערגעבען; זיך אונטערווארפען; זיך ערקלערען בעזיעגט.

knuck'les *n.* (נאקלז) מעטאלענע בעשיצונגען אויף די פינגער געברויכט פון שלעגער און פערברעכער.

knuck'le un'der (נאקל אנ'–דער) ז. ***knuckle down***

knucks *n.* (נאקס) א מין קינדער־שפיעל אין צייכען.

knur *n.* (נויר) א קנאטען, א סוק.

knurl *n.* (נוירל) א קנאטען, א סוק.

knurled *a.* (נוירלד) סוקעוואטע.

knur'ly *a.* (נויר'–לי) פול מיט קנאטען אדער סוקעס.

knurr *n.* (נויר) ז. ***knur***

knur'ry *a.* (נויר'–אי) סוקעוואטע; פול מיט קנאטען אדער סוקעס.

koa'la *n.* (קא–א'–לא) די קאאלא [א מין אויסטראלישע חיה מיט אן אש־גרויער פעל וואס איז טיילווייז עהנליך צו א בער. האלט זיך אויף בוימער און ערנעהרט זיך מיט בלעטער און צווייגלעך].

Koala

kob *n.* (קאב) א געוויסער מין אפריקאנישע אנטילאפע מיט א רויט־ברוינעם רוקען און ווייסען בויך און מיט הערנער, וועלכע וואקסען אין דער פארם פון א לירע.

ko'ba *n.* (קאו'–בא) ז. ***kob***

ko'balt *n.* (קאו'–בעלט) ז. ***cobalt***

ko'bold *n.* (קאו'–באלד) אין די דייטשע פאלקס־לעגענדען — א קאבאלד אדער ערד־גייסט [א מין שד, וואס האלט זיך אויף אין קעלערס, גריבער, שאכטען א. ד. ג.].

ko'dak *n. and v.* (קאו'–דעק) א קאדאק, א קליינער פאטאגראפישער אפאראט, וועלכען מען טראגט אין האנד און מען נעהמט ארונטער פאטאגראפישע בילדער; שנעל פאטאגראפירען עפעס.

kohlra'bi *n.* (קאול–רא'–בי) דער קאהלראבי [א מין קרויט וואס וואקסט זיך פאנאנדער פון אויבען אין א דיקען שטאם און איז עהנליך צו א בוריק].

Kohlrabi

konis'tra *n.* (קא–ניס'–טרא) אין אלטגריכישען טעאטער — די קאניסטרא אדער ארקעסטער [דער פלאץ צווישען דער סצענע און אוידיטאריום, וואו דער כאר פלעגט זינגען].

koo'doo *n.* (קוה'–דוה) דאס קודו [אן ארט גרויסע אפריקאנישע אנטילאפען]. ז. ***striped antelope***

koo'miss *n.* (קוה'–מיס) ז. ***kumiss***

koor'bash *n. and v.* (קוהר'–בעש) א בייטש געמאכט פון דער פעל פון א היפאפאטאמוס [ווערט געברויכט אין עגיפטען און אין אנדערע טיילען פון אפריקא]; שמייסען אדער שלאגען מיט אזא בייטש.

Koord *n.* (קוהרד). ז. ***Kurd***

ko'peck *n.* (קאו'–פעק) ז. ***copeck***

ko'pek *n.* (קאו'–פעק) ז. ***copeck***

Ko'ran *n.* (קאו'–רען) דער קאראן אדער אלקאראן [די ביבעל אדער די היילינגע שריפטען פון די מאכמעדאנער].

Koran'ic *a.* (קא–רענ'–איק) וואס איז שייך צום קאראן. ז. ***Koran***

ko'sher *a.* (קאו'–שער) כשר; ריין; ערלויבט צו געברויכען.

kosmog'ony *n.* (קאס–מאג'–א–ני) ז. ***cosmogony***

kotow' *v. and n.* (קאו–טאו') ז. ***kowtow***

kowtow' *v. and n.* (קאו–טאו') אבשלאגען דעם שטערען אן דער ערד ביים פאלען כרעים; קניען זיך מיט גרויס הכנעה; אונטערלעקען זיך; דאס בוקען זיך אזוי, אז דער שטערען דערגרייכט די ערד.

kraal *n.* (קראל) א קראאל, א דערפעל [אין דרום־אפריקא].

kra'ken *n.* (קרא'–קען) דער קראקען [א פאנטאסטישע, מורא'דיגע ים־חיה, וועגען וועלכער מען גלויבט, אז זי ווייזט זיך פון צייט צו צייט ביי די ברעגעס פון נארוועגיען].

kra'ma *n.* (קריי'–מא) א געטראנק פון וויין געמישט מיט וואסער, וואס ווערט געברויכט ביים היילינגען אבענדמאל אין די גריכישע און קאטוילישע קירכען.

kra'sis *n.* (קריי'–סיס) דאס צוגיסען אביסעל וואסער צום וויין וואס ווערט געברויכט אין די קירכען ביים היילינגען אבענדמאל.

kra'ter *n.* (קריי'–טער) ז. ***crater***

kre'asote *n.* (קרי'–ע–סאוט) ז. ***creosote***

kre'osote *n.* (קרי'–א–סאוט) ז. ***creosote***

kreut'zer *n.* (קראיט'–סער) א קרייצער, א קליינע קופערנע מטבע אין עסטרייך [האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר א האלבען אמעריקאנישען סענט].

kreu'zer *n.* (קראיט'–סער) ז. ***kreutzer***

kris *n.* (קריס) אזא קורצע שווערד.

Krish'na *n.* (קריש'–נא) אין דער אינדישער מיטאלאגיע — קרישנא, די 8טע פערקערפערונג פון גאט ווישנו, דאס קינד פון דער קעניגין דעוואקי [די לעגענדע וועגען קרישנא'ס געבורט און יוגענד איז זעהר עהנליך צו דער לעגענדע וועגען קריסטוס'עס געבורט און ערציהונג].

kro'ne *n.* (קראו'–נע) א קראנע [א דעניש, שוועדישע אדער נארוועגישע זילבערנע מטבע אין דעם ווערטה פון אונגעפעהר 27 אמעריקאנישע סענט].

Kron'os *n.* (קראנ'–אס) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — קראנאס, דער גאט פון הימעל און ערד, דער פאטער פון צעאוס.

krul'ler *n.* (קראל'–ער) ז. ***cruller***

kry'olite *n.* (קראי'–א–לאיט) ז. ***cryolite***

kry'olith *n.* (קראי'–א–ליטה) ז. ***cryolite***

kryom'eter *n.* (קראי–אמ'–ע–טער) א קריאמעטער [א מין טערמאמעטער, מיט וועלכען מען מעסט זעהר נידריגע ארער קאלטע טעמפעראטורען].

kryp'ton *n.* (קריפ'–טאן) קריפטאן, א מין גאז, וואס געפינט זיך אין דער אטמאספערע אין א זעהר קליינער מאס [ענטדעקט אין יאהר 1895].

ku'dos *n. and v.* (קיו'–דאס) דער לויב, דער כבוד; די עהרע; לויבען; בעעהרען [אין הומאריסטישען זין].

Ku'klux *n.* (קיו'–קלאקס) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען — א געהיימע ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט נאך דעם בירגערקריעג אין די דרום־שטאאטען מיט דעם ציעל צו האלטען די נעגערס אין דער מורא און ניט דערלאזען זיי אויסצונוצען זייערע פאליטישע רעכטען.

Ku'kluxism *n.* (קיו'–קלאקס–איזם) די מעטאדען פון דער געהיימער אמעריקאנער ארגאניזאציאן, וועלכע האט זיך גערופען "קוקלאקס". ז. ***Kuklux***

Ku'klux Klan (קיו'–קלאקס קלען) ז. ***Kuklux***

ku'miss *n.* (קוה'–מיס) קומיס, קליאטשע־מילך.

küm'mel *n.* (קימ'–על) קימעל־שנאפס [שנאפס פערזיסט מיט צוקער און מיט קימעל־געווירץ. ווערט בעזאנדערס געברויכט אין די באלטישע פראווינצען פון רוסלאנד].

ku'myss *n.* (קוה'–מיס) ז. ***kumiss***

Kurd *n.* (קוהרד) א קורד, איינער פון די קורדען [א קריעגערישער מוסולמאנישער וואנדערענדער שבט פון קליין־אזיען].

kutch *n.* (קאטש) פאפיער־בלעטער אדער שטיקער פארמעט, צווישען וועלכע מען פרעסט אוים גאלד־בלעטער. ז. ***cutch***

kvass *n.* (קוועס) קוואס [א נעזייערטער געטראנק וואס ווערט געברויכט אין רוסלאנד].

Ky. אבקירצונג פון ***Kentucky*** [איינע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

ky'ack *n.* (קאי'–עק) ז. ***kaiak***

ky'anise *v.* (קאי'–ע–נאיז) ז. ***kyanize***

ky'anite *n.* (קאי'–ע–נאיט) ז. ***cyanite***

ky'anize *v.* (קאי'–ע–נאיז) קיאניזירען, דורכווייקען האלץ אין געוויסע כעמישע מאטעריאלען, וועלכע לאזען עס ניט פוילען.

Kym'ry *n.* (קימ'–רי) ז. ***Cymry***

L

L, l (על) דער צוועלפטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

L *n.* (על) א הויז פליגעל וואס האט די פארם פון דעם בוכשטאב *L*; א רעכט־ווינקעלדיגע געבויגענע ראהר־פערבינדונג; אן אייל [א לענגען־מאס]; א הויך־באהן.

la *int.* (לאה) בא! ווירקליך! זעהט! אך!

la *n.* (לא) דער טאן לא [די 6טע נאטע אין דעם טאן־לייטער].

La. אבקירצונג פון *Louisiana* [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

lab'arum *n.* (לעב'-ע-ראם) א קריעגס־פאהן אין אלטען רוים; א הייליגע פאהן פון דער קאטוילישער קירך; א מוסטער פאר מאראל; א מאראלישער וועג־ווייזער.

lab'danum *n.* (לעב'-דע-נאם) ז. *ladanum*

labefacta'tion *n.* (לעב-אי-פעק-טיי'-שאן) ז. *labefaction*

labefac'tion *n.* (לעב-אי-פעק'-שאן) ענטקרעפטונג; אבשוואכונג; רואינירונג.

la'bel *n. and v.* (ליי'-בעל) א צעטעל [אנגעהאנגען אדער צוגעקלעפט צו עטוואס]; אן עטיקעט; א צוזאץ צו א צואה; ארויפלעגען א צעטעל אדער אן עטיקעט; אין אבטאניק — די אונטער־ליפ ביי ארכידעען־בלומען. ז. *labellum*

label'lum *n.* (לע-בעל'-אם) אין באטאניק — די אונטער־ליפ ביי ארכידעען־בלומען [דאס אונטערשטע, אראבהענגענדע בלומען־בלעטעל וואס איז מייסטענס גרעסער און האט אן אנדער פארם ווי די איבריגע]; א טייל פון דעם מויל פון אן אינזעקט, וואס הענגט אראב ווי א ליפ.

la'bel-machine' *n.* (ליי'-בעל-מע-שין') א מאשין צו פראדוצירען און צו קלעפען עטיקעטען אויף פלאשען, קעסטלעך א. ד. ג.

la'bent *a.* (ליי'-בענט) זיך גליטשענדיג; אוועקגליטשענד.

la'bial *a. and n.* (ליי'-בי-על) וואס געהערט צו די ליפען; וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען; וואס האט אזעלכע ענדען ווי ליפען [וועגען געוויסע מוזיקאלישע אינסטרומענטען]; א בוכשטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען; אן אפאראט צום אבגעוועהנען פון שטאמלען.

labial'ity *n.* (ליי-בי-על'-אי-טי) דאס זיין אויסגעשפראכען אדער ארויסגעבראכט דורך די ליפען.

labializa'tion *n.* (ליי-בי-על-אי-זיי'-שאן) דאס אויסשפרעכען דורך די ליפען; פערוואנדלונג אין א ליפען־קלאנג [ארויסגעבראכט דורך די ליפען].

la'bialize *v.* (ליי'-בי-על-איז) אויסשפרעכען דורך די ליפען; פערוואנדלען אין א ליפען־קלאנג [ארויסגעבראכט דורך די ליפען].

la'bially *adv.* (ליי'-בי-על-אי) דורך דער הילף פון די ליפען.

la'biate *a.* (ליי'-בי-אייט) ליפען־פערמיג [וועגען פלאנצען]; וואס האט ליפען.

la'biated *a.* (ליי'-בי-איי-טעד) ז. *labiate*

labioden'tal *a. and n.* (ליי-בי-א-דענ'-טעל) וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט די צייהנער; א בוכשטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט די צייהנער.

labiona'sal *a. and n.* (ליי-בי-א-ניי'-זעל) וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט דער הילף פון דער נאז; א בוכשטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט די ליפען און מיט דער הילף פון דער נאז.

la'bis *n.* (ליי'-ביס) ביי קריסטען — א לעפעל אויסצוטיילען דאס הייליגע ברויט און וויין.

la'bium *n.* (ליי'-בי-אם) א ליפ; אן ארגאן אדער א טייל פון אן ארגאן וואס איז עהנליך צו א ליפ.

lab'lab *n.* (לעב'-לעב) עגיפטישער אדער שווארצער באב.

la'bor *n. and v.* (ליי'-באר) ארבייט; אנשטרענגונג; מיה; ארבייטערשאפט; דאס בעוועגען זיך מיט מיה און אנשטרענגונג; דאס שטארקע שליידערען זיך פון א שיף; געבורטס־וועהען; דאס געהן צו קינד; ארבייטען; זיך אנשטרענגען; געהן צו קינד; האבען געבורטס־וועהען; בעוועגען זיך מיט מיה און אנשטרענגונג; זיך שטארק שליידערען, ווי א שיף אין א שטורמדיגען ים.

lab'oratory *n.* (לעב'-א-רע-טא-רי) א לאבאראטאריע [אן ארט וואו עס ווערען געמאכט כעמישע, פיזיקאלישע אדער אנדערע וויסענשאפטליכע אונטערזוכונגען, עקספערימענטען אדער ארבייטען]; א ווערקשטאט אין אן ארסענאל וואו עס ווערען געמאכט קוילען, טארפעדאס א. ד. ג.

La'bor Day (ליי'-באר דיי) ארבייטס־יום־טוב [א געזעצליכער יום־טוב אין פיעלע שטאאטען פון נארד־אמעריקא. ווערט געפייערט דעם ערשטען מאנטאג פון סעפטעמבער לכבוד דער ארבייט].

la'bored *a.* (ליי'-בארד) געמאכט דורך שווערער ארבייט; וואס טראגט די צייכען פון שווערער ארבייט אדער אנשטרענגונג.

la'borer *n.* (ליי'-באר-ער) אן ארבייטער; א לוין־ארבייטער; אן אונגעלערענטער ארבייטער.

la'boring *n.* (ליי'-באר-אינג) ארבייט; אנשטרענגונג.

la'boringly *adv.* (ליי'-באר-אינג-לי) מיט שווערקייט; מיט אנשטרענגונג.

labo'rious *a.* (ליי-באו'-רי-אס) ארבייטזאם; מיהזאם, שווער.

labo'riously *adv.* (ליי-באו'-רי-אס-לי) אויף אן ארבייטזאמען אופן; מיט מיהזאמקייט, מיט אנשטרענגונג.

labo'riousness *n.* (ליי-באו'-רי-אס-נעס) ארבייטזאמקייט; מיהזאמקייט, שווערקייט, אנשטרענגונג.

la'borist *n. and a.* (ליי'-באר-איסט) איינער וואס ארבייט פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער; א מיטגליעד פון אן ארבייטער־פארטיי; וואס איז שייך צו ארבייט אדער צו די אינטערעסען פון ארבייט.

la'borless *a.* (ליי'-באר-לעס) אהן אנשטרענגונג.

la'bor-mar'ket *n.* (ליי'-באר-מאר'-קעט) דער ארבייטס־מארק [דער אנבאט פון ארבייט און די פאדערונג נאך איהר].

la'bor on the way (ליי'-באר אן טהי הוויי) פארטזעצען, אנגעהן ווייטער מיט דער ארבייט.

la'bor-pains *n.* (ליי'-באר-פיינז) געבורטס־וועהען.

la'bor-sa'ving *n.* (ליי'-באר-סיי'-ווינג) וואס שפארט ארבייט.

la'borsome *a.* (ליי'-באר-סאם) מיהזאם, אנגעשטרענגט; שליידערענדיג זיך ווי א שיף אין א שטורמדיגען ים.

la'bor-time *n.* (ליי'-באר-טאים) ארבייטס־צייט.

la'bor-u'nion *n.* (ליי'-באר-יו'-ניאן) אן ארבייטער־פעראייניגונג [א טרייד־יוניאן].

la'bor with (ליי'-באר הוויטה) אריינרעדען, אריינקנעלען.

He labored with him the whole day but could not persuade him.

la'bor-yard *n.* (ליי'-באר-יארד) א הויף ביי אן אנשטאלט פאר ארימע, וואו די ארימע לייט טהוען פערשיעדענע ארבייט.

la'bra *n.* (ליי'-ברא) אין זאאלאגיע — ליפען אדער ליפען־עהנליכע גליעדער. ז. *labrum*

Labrador' duck (לעב-רע-דאור' דאק) די לאבראדאר ענטעל [אזא ים־קאטשקע וועלכע געפינט זיך אויף'ן צפון־מזרח'דיגען ברעג פון נארד־אמעריקא].

lab'radorite *n.* (לעב'-רע-דאר-איט) דער לאבראדארשטיין, לאבראדאר־פעלדשפאט [אזא זארט קאלירטער שטיין, וועלכער געפינט זיך בעזאנדערס ביי די ברעגען פון לאבראדאר].

la'bret *n.* (ליי'-ברעט) א ביינדעל, א מושעל, א שטיינדעל אדער עטוואס עהנליכעס, וואס געוויסע ווילדע שטעכען זיך דורך אין דער אונטערשטער ליפ.

la'brose *a.* (ליי'-בראוס) וואס האט דיקע ליפען.

la'brum *n.* (ליי'-בראם) אין זאאלאגיע — א ליפ אדער ליפען־עהנליכער קערפער־גליעד.

labur'num *n.* (ליי-ביור'-נאם) דער גאלד־רעגען [א קליין, שעהן בוימעלע מיט געלבער ארבעס־עהנליכער בליהונג. וואקסט אויף די אלפישע בערג].

lab'yrinth *n.* (לעב'-אי-רינטה) א לאבירינט [א געביידע אדער אן ארט מיט פערדרעהטע גענג]; א פערפלאנטערטע זאך; דער אויער פון איגוועניג; אן אפאראט צום אויסראמען ערץ־שלאם [דאס בלאטיגע וואסער, וואס איז פערמישט מיט ערץ] פון אן ערץ־מינע.

labyrin'thal *a.* (לעב-אי-רינ'-טהעל) ז. *labyrinthian*

labyrin'thian *a.* (לעב-אי-רינ'-טהי-ען) לאבירינטיש; פערפלאנטערט. ז. *labyrinth*

labyrin'thic *a.* (לעב-אי-רינ'-טהיק) ווי א לאבירינט; פערפלאנטערט.

labyrin'thical *a.* (לעב-אי-רינ'-טהי-קעל) ז. *labyrinthic*

labyrin'thiform *n.* (לעב-אי-רינ'-טהי-פארם) וואס האט די פארם פון א לאבירינט. ז. *labyrinth*

labyrin'thine *a.* (לעב-אי-רינ'-טהין) וואס איז שייך אדער איז ענהליך צו א לאבירינט; לאבירינטיש, פערפלאנטערט.

labyrin'thus *n.* (לעב-אי-רינ'-טהאס) דער לאבירינט, דער אינוועניגסטער טייל פון אויער.

lac *n.* (לעק) לאק, לאקיר; די סומע פון 100,000; א גרויסע צאהל, א מענגע.

laccin'ic *a.* (לעק-סינ'-איק) געמאכט פון לאק, ענהליך צו לאק.

lac'-dye *n.* (לעק'-דאי) לאק־פארב.

lace *n.* and *v.* (לייס) שפיצען, איינזאץ, קרוזשעווע; פאזאמענט; א שנור; בעפּוצען מיט פאזאמענט אדער מיט שפיצען; צושנירען; זיין צוגעשנירט; אנברעכען די ביינער.

lace'bark *n.* (לייס'-בארק) דער לייע־וועגט־בוים [אזא בוים וואס זיין קארע האט די פארם פון א געוועב].

lace'-boot *n.* (לייס'-בוהט) א שוך צום שנירען.

lace'border *n.* (לייס'-באהר-דער) אזא קליין מאטען־פליגעלע פון זילבער־ווייסען קאליר, מיט א ברייטען ראנד אויף די פליגעלעך, וואס זעהט אויס ווי די פליגעלעך וואלטען געווען בעלעגט מיט שפיצען [קרוזשעוועס].

lace'-emboss'ing *n.* (לייס'-עמ-באס'-אינג) דאס בעציערען מיט שפיצען אין רעליעף, דאס ארויפלעגען קרוזשעוועס, דאס בעציערען ווי מיט קרוזשעוועס.

lace'-frame *n.* (לייס'-פריים) א ראהם צו פאבריצירען שפיצען [קרוזשעווע].

lace'-ma'ker *n.* (לייס'-מיי'-קער) א פאזאמענטירער, א שמוקלער, אן איינזאץ אדער שפיצען־מאכער.

lace'man *n.* (לייס'-מען) א שפיצען־הענדלער, א קרוזשעווע־הענדלער.

lace'-pa'per *n.* (לייס'-פיי'-פער) פאפיער־שפיצען.

lace'-pil'low *n.* (לייס'-פיל'-או) א קישעלע, מיט וועלכען מען האלט אונטער די ארבייט ביים מאכען שפיצען [קרוזשעוועס].

lac'erable *a.* (לעס'-ע-רעבל) צורייסבאר.

lac'erate *v.* and *a.* (לעס'-ער-אייט) צורייסען, צופליקען; פייניגען, קוועלען; צוריסען, צופליקט.

lac'erately *adv.* (לעס'-ע-רייט-לי) דורך צורייסונג; צוריסענערהייד.

lacera'tion *n.* (לעס-ע-ריי'-שאן) דאס צורייסען; א צורייסונג; דאס פייניגען, דאס פערוואונדען די געפיהלען.

lac'erative *a.* (לעס'-ע-ריי-טיוו) וואס האט די קראפט צו צורייסען; צורייסענדיג.

Lacer'ta *n.* (לע-סויר'-טא) א מין פיערפיסיגע עקדעשען [יאשטשערקעס] וואס האלטען זיך מערהסטענטייל אויף דער ערד.

lacer'ta *n.* (לע-סויר'-טא) אן עקדעש [יאשטשערקע].

lacer'tian *a.* and *n.* (לע-סויר'-שי-ען) ווי אן עקדעש [יאשטשערקע]; וואס איז שייך צו אן עקדעש; אן עקדעש.

lacer'tiform *a.* (לע-סויר'-טי-פארם) וואס האט די פארם פון אן עקדעש [יאשטשערקע].

Lacertil'ia *n.* (לעס-ער-טיל'-אי-א) דער מין רעפטיליען, צו וועלכען עס געהערען די עקדעשען [יאשטשערקעס].

lacertil'ian *a.* and *n.* (לעס-ער-טיל'-אי-ען) ווי אן עקדעש [יאשטשערקע]; אן עקדעש.

lacer'toid *a.* (לע-סויר'-טאיד) ווי אן עקדעש [יאשטשערקע].

lace'-run'ner *n.* (לייס'-ראנ'-ער) א שפיצען־שטריקער אדער שטריקעריו.

lace'wing *n.* (לייס'-הווינג) אזא אינזעקט וואס זיינע פליגלען זיינען נעץ־פערמיג אדער האבען די פארם פון שפיצען [איינזאץ, קרוזשעווע].

lace'-winged *a.* (לייס'-הווינגד) וואס האט נעץ־פערמיגע פליגעל [וועגען געוויסע אינזעקטען].

lace'-wom'an *n.* (לייס'-הוואומ'-ען) א שפיצען־הענדלעריו.

lach'es *n.* (לעטש'-עז) נאכלעסיגקייט; א נאכלעסיגקייט; א פערנאכלעסיגונג אדער אבלעגונג פון אימעצענס רעכטען.

lach'rymal *a.* and *n.* (לעק'-רי-מעל) ז. *lacrimal*

lach'rymary *a.* (לעק'-רי-מע-רי) ז. *lacrimary*

lachryma'tion *n.* (לעק-רי-מיי'-שאן) ז. *lacrimation*

lach'rymatory *n.* (לעק'-רי-מע-טא-רי) ז. *lacrimatory*

lach'rymose *a.* (לעק'-רי-מאוס) ז. *lacrimose*

lach'rymous *a.* (לעק'-רי-מאס) ז. *lacrimose*

la'cing *n.* (ליי'-סינג) דאס צובינדען מיט א שנור; דאס צונויפשנירען; א שנור צום פערבינדען אדער צונויפבינדען; א פערבינדונגס־קניע [א שטיק געבויגענעם האלץ צו פערבינדען וועלכע עס איז צוויי טיילען פון א שיף]; דער ראנד פון א פעדער, וועלכער האט אן אנדער קאליר ווי דער מיטען זיינער; דאס אנברעכען די ביינער.

lacin'iate *a.* (לע-סינ'-אי-אייט) בעפוצט מיט פרענדז; אין באטאניק — געצאקט, געקארבט [וועגען בלעטער, בלומען א. ד. ג.].

lacin'iated *a.* (לע-סינ'-אי-איי-טעד) ז. *laciniate*

lac'-in'sect *n.* (לעק'-אינ'-סעקט) א לאק־אינזעקט [אן אינזעקט וואס טיילט פון זיך ארויס לאק אויף פלאנצען].

lack *v.* and *n.* (לעק) ניט האבען; ליידען מאנגעל אין עפעס; פעהלען; דער מאנגעל; דאס פעהלען.

lackadai'sical *a.* (לעק-ע-דיי'-זי-קעל) סענטימענטאל, שוואך, אבגעלאזען; מיט ווייניג לעבען; אונטהעטיג.

lackadai'sically *adv.* (לעק-ע-דיי'-זי-קעל-אי) אויף א סענטימענטאלען, שוואכען אדער אבגעלאזענעם שטייגער.

lack'adaisy *a.* and *int.* (לעק'-ע-דיי-זי) סענטימענטאל, שוואך, אבגעלאזען, אונטהעטיג; א וועה!

lack'aday *int.* (לעק'-ע-דיי) א וועה!

lack'all *n.* (לעק'-אהל) אן אביון, א מענש וואס האט גארנישט.

lack'beard *n.* (לעק'-ביערד) איינער וואס האט נאך ניט קיין בארד.

lack'brain *n.* (לעק'-בריין) א דומקאפ, א שוטה.

lack'er *n.* and *v.* (לעק'-ער) א לאקירער; לאקיר; איינער וואס ליידט פון מאנגעל אין עפעס; לאקירען.

lack'er-work *n.* (לעק'-ער-הווארק) לאקיר־ארבייט; זאכען וואס זיינען געפארבט און לאקירט.

lack'ey *n.* and *v.* (לעק'-אי) א לאקיי, א משרת, א דינער; בעדינען; שפיעלען די ראלע פון א לאקיי.

lack'-lin'en *a.* (לעק'-לינ'-ען) אהן א העמד; בערום ובחסר כל; זעהר ארים.

lack'-love *a.* (לעק'-לאוו) אהן ליבע.

lack'-lus'ter *a.* and *n.* (לעק'-לאס'-טער) אהן גלאנץ, אהן שיין; דאס וואס האט ניט קיין שיין אדער גלאנץ.

lack'-thought *a.* (לעק'-טהאהט) אהן געדאנק, נאריש, משוגע.

lack'-wit *n.* (לעק'-הוויט) א דומקאפ.

lack'-wit'ted *a.* (לעק'-הוויט'-עד) טעמפ, נאריש.

Laco'nian *a.* and *n.* (לע-קאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו לאקאניען אדער ספארטא [א טייל פון אלט־גריכענלאנד]; אן איינוואהנער פון לאקאניען, א ספארטאנער.

lacon'ic *a.* and *n.* (לע-קאנ'-איק) לאקאניש, קורץ און שארף [אין אויסדריקע]; א קורצער און שארפער אויסדרוק.

lacon'ical *a.* (לע-קאנ'-אי-קעל) ז. *laconic*

lacon'ically *adv.* (לע-קאנ'-אי-קעל-אי) אויף א לאקאנישען אופן; קורץ און שארף.

lift *v. and n.* (ליפט) הויבען; אויפ-הויבען; דערהויבען צו אַ העכער מדרגה; אַוועקנעהמען, גנב׳ענען; צוזאַמענקלייבען, צוזאַמענגעהמען, איינקאַלעקטירען; אויפ-הויבען זיך, פערשווינדען אין דער לופט [ווי אַ נעבעל]; דאָס אויפהויבען, די הויבונג; אונטערשטיצונג; הילף; דאָס אויפהויבען זיך צו אַ העכערער מדרגה; דאָס מיט וואָס מען הויבט עפּעס אויף; אַ הויב-אַפּאַראַט, אַן עלעוואַטאָר [אַ קאַס-טען אָדער וואַגאָן, אין וועלכען מען הויבט אויף מענשען אָדער זאַכען]; אין קויה-לען-שאַכטען — אַ רייהע פון פּומפּען; דאָס הענטעל אָדער קנאָפּקע ביי אַ פענסטער, וואָס מען פערהאַלט עס בעת מען הויבט עס אויף, אַז עס זאָל זיך צוריק ניט אַראָב-לאָזען; אַ מאַשין אָדער אַפּאַראַט צו הוי-בען דעם קערפּער ביי געוויסע גימנאַסטי-שע איבונגען; אַ טויער, וועלכער הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַרונטער; אין אַ שטיוועל אָדער שוך — איינס פון די לעדערנע בלעטלעך, וועלכע בילדען אויס דעם קאָפּעל [אַבזאַץ].

lif'table *a.* (ליפ׳-טעבל) וואָס קען גע-הויבען ווערען.

lift away (ליפט ע-הוויי׳) אַוועקטראַ-גען, אַרויסטראַגען, אַוועקפיהרען.

lift'-bridge *n.* (ליפט׳-ברידזש) אַ בריק, וועלכע מען קען אויפהויבען, כדי דורכצולאָזען שיפען.

lif'ted up with pride (ליפ׳-טעד אַפּ הוויטה פּראיד) אָנגעבלאָזען; מיט גדלות; בקומה זקופה.

lif'ter *n.* (ליפ׳-טער) אַן אויפהויבער, איינער וואָס הויבט עפּעס אויף; אַן אינ-סטרומענט אָדער מעכאַניזם אויפצוהוי-בען מענשען אָדער זאַכען; אַ גנב.

lift'-gate *n.* (ליפט׳-גייט) — אין שאַכטען אַ רייהע פּומפּען.

lift'-ham'mer *n.* (ליפט׳-העמ׳-ער) אַזאַ גרויסער שמיעד-האַמער אין אייזען-פאַבריקען.

lif'ting *n.* (ליפ׳-טינג) דאָס הויבען; די הויבונג; די אונטערשטיצונג; גנבה.

lif'ting-jack *n.* (ליפ׳-טינג-דזשעק) די שרויף מיט וועלכער מען הויבט אונטער אַ וואָגען און אַנדערע שווערע משאות.

Lifting-jack

lift one's hair (ליפט הוואַנז העהר) סקאַלפּירען [אַבשינדען די הויט מיט די האָר פון שאַרבען].

lift out (ליפט אַוט) אַוועק-טראָגען; אַרויסטראָגען; אַוועק-פיהרען; אין דרוקעריי—אויפ-הויבען די ראַהם, אין וועלכער עס איז איינגעפּאַסט דער זאַץ.

lift up (ליפט אַפּ) [דעם גייסט, ערהויבען [די שטימונג, דעם קאָפּ, דאָס אויג].

lift up the eyes (ליפט אַפּ טהי איז) אויפהויבען די אויגען; ריכטען דעם בליק אָדער דעם געדאַנק אויף עפּעס.

lift up the feet (ליפט אַפּ די פּיעט) מאַכען שנעלע טריט; געהן שנעל.

lift up the hand (ליפט אַפּ טהי העגד) אויפהויבען די האַנד; געבען אַ שבועה; מתפלל זיין; אַנפאַלען; בעליידיגען; אונ-טערדריקען; נעהמען זיך פאַר דער אַר-בייט.

lift up the head (ליפט אַפּ טהי העד) אויפהויבען דעם קאָפּ [בעקומען מוטה, ווערען פרעהליך אָדער מונטער].

lift up the horn (ליפט אַפּ טהי האָרן) אַרויסטרעטען מיט גדלות; ווערען עזות-דיג.

lift'-wall *n.* (ליפט׳-וואָהל) די קוואַער-וואַנד פון אַ שליוזע-אַבטיילונג.

lig'ament *n.* (ליג׳-ע-מענט) אַ פער-בינדונגס-מיטעל; אַ צוזאַמענבונד; אין אַנאַטאָמיע — אַ ליגאַמענט [אַ מין שטייף געוועב, וואָס פערבינדעט צוזאַמען ביינער אָדער מוסקולען].

ligamen'tal *a.* (ליג-ע-מענ׳ טעל) ז. *ligamentous*.

ligamen'tous *a.* (ליג-ע-מענ׳-טאַס) וואָס איז שייך צו אַ ליגאַמענט. ז. *ligament*.

li'gate *v.* (לאי׳-גייט) — אין כירורגיע פערבינדען, צונויפבינדען מיט אַ ליגאַ-טור; פערבאַנדאַזשירען. ז. *ligature*.

liga'tion *n.* (לאי-גיי׳-שאַן) אין כירור-גיע — דאָס פערבינדען אַן אָדער צו פער-מיידען אַ בלוט-פלוס נאָך דער אָפּעראַציאָן.

lig'ature *n. and v.* (ליג׳-ע-טשור) אין כירורגיע — די ליגאַטור, דער פאָדים, מיט וועלכען מען פערבינדעט די אָדערען ביי אַן אָפּעראַציאָן, כדי ניט צו דערלאָזען אַ בלוט-פלוס; יעדע זאַך וואָס דיענט צו פערבינדען אָדער פערשטייפען עפּעס, ווי אַ שטריקעל אָדער פאָדים; דאָס פערבינ-דען; אין מוזיק-נאָטען — דער צייכען לעגאַטאָ [אַ צייכען וועלכער בעווייזט, אַז עטליכע טענער דאַרפען געזונגען ווערען מיט איין אָטהעם אָדער געשפּיעלט ווע-רען אין איין מוזיקאַלישער פראַזע. ז. *legato*]; אין דרוקעריי — אַן אָרט שריפט, וועלכע שטעלט פאָר אַ פאַראיי-ניגונג אָדער צוזאַמענבינדונג פון צוויי אָדער עטליכע בוכשטאַבען; צוזאַמענבינ-דען [אַן אָדער, נאַטען א. ז. וו.].

light *a., adv., n. and v.* (לאיט) ליכ-טיג, העל; מיט אַ העלען קאָליר; לייכט, גרינג; קליין, אונבעדייטענד; לייכטזיניג; איבערפלעכליך; אויף אַ לייכטען שטיי-

גער; ניט מיט דער פולער קראפט; אויף א ביליגען אופן; ליכט, ליכטיגקייט, בעלייכטונג; שיין; אויפגעדעקטקייט; דאס זיין אפען פאר אלעמען; א לייכטענדע זאך; דאס וואס גיט ליכטיגקייט; א ליכט-טהורם אדער מאיאק; א העלער קאליר; דער געזיכטס-פונקט; לייכטען; שיינען; ליכטיג ווערען; זיך אנצינדען; בעלייכטען; אנצינדען; פערלייכטערען, מאכען גרינגער; ארונטערגעהן, אראבקריכען [פון א פערד]; זעצען זיך [ווענען פויגלען אדער אינזעקטען]; קומען צופעליג; טרעפען זיך.

ligh'table *a.* (לאי'-טעבל) וואס קען בעלויכטען ווערען.

light'-armed *a.* (לאיט'-ארמד) לייכט בעוואפענט.

light'-ball *n.* (לאיט'-באהל) די ליכט-קויל [אן ארט פייערווערק וואס ווערט געברויכט פון סאלדאטען].

light'brain *n.* (לאיט'-בריין) א פוסטער קאפ, א מענש מיט א שוואכען פערשטאנד.

light coin (לאיט קאין) א מטבע וואס האט ניט די פולע וואג.

ligh'ten *v.* (לאיטן) בעלייכטען; בעלייכטען; בליצען; גרינגער מאכען; פערלייכטערען די משא; מאכען לייכט אויף'ן הארצען, דערפרעהען; מאכען ליכטיגער אדער בלייכער דעם שאטען אויף א בילד.

lighte'ning *n.* (לאיט'-נינג) דאס ווערען העל אדער ליכטיג; ; דאס מאכען ארער ווערען לייכטער.

ligh'ter *n.* (לאי'-טער) איינער וואס בעלייכט עפעס, וואס צינדט אן [ווי א פאקעל]; אן אנצינדער; א שיפעל צום אויסלאדען און איבערפיהרען סחורות.

ligh'terage *n.* (לאי'-טער-עדזש) דאס אויסלאדען א שיף איז אן אויסלאדונגס-שיפעל; דאס געצאהלט פאר אזא אויסלאדונג.

ligh'terman *n.* (לאי'-טער-מען) א שיפער פון אן אויסלאדונגס-שיפעל.

light'-fin'gered *a.* (לאיט'-פינ'-גערד) לייכט-פינגערדיג; גנב'יש.

light'-foot *a.* (לאיט'-פוט) לייכט אויף די פיס; פלינק, געשיקט.

light'-foot'ed *a.* (לאיט'-פוט'-עד) לייכטפיסיג.

The runner proved to be very **light-footed.**

light'ful *a.* (לאיט'-פול) פול מיט ליכט; שיינענד, גלענצענד.

light'-han'ded *a.* (לאיט'-הענ'-דעד) מיט לייכטע הענד; וואס האט א ווייכען צארטען אנריהר; וואס טראגט אדער וואס בריינגט ווענוג זאכען אין האנד; וואס האט ווענוג הענד אדער ארבייטער [ווי אויף א שיף אדער אין א פאבריק].

light'-head'ed *a.* (לאיט'-העד'-עד) פוסט-קעפיג; מיט צומישטע רעיונות; גייסטיג צורודערט; לייכטזיניג.

light'-head'edness *n.* (לאיט'-העד'-עד-נעס) פוסט-קעפיגקייט; לייכטזיניגקייט.

light'-hear'ted *a.* (לאיט'-האר'-טעד) לייכטהערציג; פרעהליך, לוסטיג.

light'-hear'tedly *adv.* (לאיט'-האר'-טעד-לי) מיט א לייכטען הארצען; אויף א לייכטהערציגען אופן.

light'-hear'tedness *n.* (לאיט'-האר'-טעד-נעס) לייכטהערציגקייט; פרעהליכקייט, מונטערקייט.

light'-heeled *a.* (לאיט'-היעלד) פלינק אויף די פיס.

light'-horse *n.* (לאיט'-האהרס) לייכטע קאוואלעריע [לייכטע בעוואפענטע רייטער אין אן ארמעע].

The light-horse cavalry began the charge.

light'-horse'man *n.* (לאיט'-האהרס'-מען) א לייכט-בעוואפענטער קאוואלעריע-סאלדאט.

light'house *n.* (לאיט'-האוס) א לייכט-טהורם, א מאיאק [א הויכער טהורם איז א האפען אדער אויף א קליינעם אינזעל, וואו ביי טאג פלאטערט א פאהן און ביי נאכט ברענט א פייער, כדי צו בעווייזען דעם וועג פאר די שיפען אין ים].

Lighthouse

ligh'ting *n.* (לאי'-טינג) בעלייכטונג; פערלייכטערונג, דאס לייכטער מאכען, דאס לייכטער ווערען.

light'-kee'per *n.* (לאיט'-קיע'-פער) דער וועכטער פון א לייכט-טהורם.

light'-legged *a.* (לאיט'-לעגד) לייכט אויף די פיס; פלינק.

light'less *a.* (לאיט'-לעס) אהן ליכט, פינסטער.

light'ly *adv.* (לאיט'-לי) 1. לייכט, גרינג; 2. ראש, שנעל; 3. לייכטזיניג, אהן איבערלעגונג; 4. פרעהליך, לעבעדיג; פלינק.

1. He treads **lightly.** 2. Watch... and **lightly** bring me word. 3. Matrimony is not to be entered into **lightly.** 4. The seventy years were borne **lightly.**

light mat'ter (לאיט מעט'-ער) א קליינינקייט.

light'-min'ded *a.* (לאיט'-מאינ'-דעד) לייכטזיניג; אונבעשטענדיג; קאפריזנע.

light'-min'dedness *n.* (לאיט'-מאינ'-דעד-נעס) לייכטזיניגקייט; אויבערפלעכליכקייט; קאפריזנעקייט.

light'ness *n.* (לאיט'-נעס) שיינונג, ליכטיגקייט; לייכטקייט, גרינגקייט; שנעלקייט; פלינקייט; אויבערפלעכליכקייט, אונבעשטענדינקייט.

light'ness of belief' (לאיט'-נעס אוו בי-ליעף') לייכט-גלויביגקייט.

light'ning *n.* (לאיט'-נינג) א בליץ; אויפשיינונג.

light'ning-arres'ter *n.* (לאיט'-נינג-ע-רעס'-טער) א פארריכטונג צו בעשיצען פון בליצען טעלעגראפען און טעלעפאנען און די ארבייטער וואס זיינען ביי זיי בעשעפטיגט.

light'ning before' death (לאיט'-נינג בי-פאור' דעטה) דאס אויפפלאקערען פון לעבענס-פייער פאר'ן טויט.

light'ning-bug *n.* (לאיט'-נינג-באג) ז. *firefly*

light'ning-conduc'tor *n.* (לאיט'-נינג-קאנ-דאק'-טאר) ז. *lightning-rod*

light'ning-dischar'ger *n.* (לאיט'-נינג-דיס-טשאר'-דזשער) ז. *lightning-arrester*

light'ning-print *n.* (לאיט'-נינג-פרינט) א בוים-עהנליכער אדער צווייגען-עהנליכער צייכען אויף דער הויט פון מענשען, אויף חיות און אויף קליידער, וואס קומט פון דער נאהנטקייט פון א בליץ.

light'ning-proof *n.* (לאיט'-נינג-פרוהף) בליץ-זיכער, בעשיצט פאר א בליץ.

light'ning-protec'tor *n.* (לאיט'-נינג-פרא-טעק'-טאר) ז. *lightning-arrester*

light'ning-rod *n.* (לאיט'-נינג-ראד) א בליץ-אבלייטער [א הויכער אייזערנער שטאנג, מייסטענס מיט א בעזילבערטען שפיץ, איבער דעם דאך פון א געביידע אבצוציהען דעם בליץ ער זאל ניט איינשלאגען אין דער געביידע].

light of ear (לאיט אוו איער) לייכט-גלויביג.

light'-o'-love' *n.* (לאיט'-א-לאוו') א לייכטזיניגע פרוי, א קאקעטקע; אן אלטער טאנץ-נגון.

light on (לאיט אן) בעגעגנען אימעצען צופעליג; פאלען.

light'-room *n.* (לאיט'-רוהם) דאס צימער אין אויבערשטען טייל פון א לייכט-טהורם, וואו עס געפינט זיך דער לייכט-אפאראט; א קליין צימער אין א קריעגס-שיף, דורך וועלכען עס ווערט בעלייכטעט דער מאגאזין מיט אויפרייסענדע מאטעריאלען [די לאמפען געפינען זיך אין דיעזען צימער און זיי בעלייכטען דעם מאגאזין דורך שויבען פון דיקען גלאז].

lights *n.* (לאיטס) די לונגען [פון חיות].

light'-ship *n.* (לאיט'-שיפ) א לייכט-שיף [א שווימענדער לייכט-טהורם, א שיף וואס דיענט אלס לייכט-טהורם].

light'some *a.* (לאיט'-סאם) העל, ליכטיג; לוסטיג, פרעהליך.

light'-spir'ited *a.* (לאיט'-ספיר'-אי-טעד) לוסטיג געשטימט.

light up (לאיט אפ) בעלייכטען, אנצינדען.

light upon' (לאיט א-פאן') ז. *light on*

light'-wave *n.* (לאיט'-הווייוו) א ליכט-וועלע.

light'-weight *n.* (לאיט'-הווייט) אין וועט-קעמפפע — איינער וואס איז פון לייכטער געוויכט [די צווייטע שטופע נאך פעדער-לייכטקייט]; אן אונוויכטיגער מענש.

light'wood *n.* (לאיט'-הוואוד) צינד-האלץ, קינעלעך.

lignal'oes *n.* (ליג-נעל'-אוז) איינער פון די אלאע-בוימער; דער גן-עדן-בוים.

lig'neous *a.* (ליג'-ני-אס) פון האלץ; הילצערן.

lignif'erous *a.* (ליג-ניפ'-ע-ראס) וואס בריינגט ארויס האלץ.

lignifica'tion *n.* (ליג-ני-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען זיך אין האלץ, דאס ווערען ווי האלץ.

lig'niform *a.* (ליג'-ני-פארם) האלץ-ארטיג; וואס זעהט אויס ווי האלץ.

lig'nify *v.* (ליג'-ני-פאי) פערוואנדלען אין האלץ, זיך פערוואנדלען אין האלץ.

lig'nin *n.* (ליג'-נין) דער האלץ-פאזער [געוועב-שטאף פון פלאנצען, דורך וועלכע דער זאפט, וואס דיווארצלען בעקומען פון דער ערד, געהט זיך פאנאנדער איבער דער גאנצער פלאנצע].

ligniper'dous *a.* (ליג-ני-פויר'-דאס) האלץ-פערניכטענד, האלץ-פרעסענד [אזוי רופען זיך געוויסע זשוקלעך און ווערים וואס נאגען און גריבלען זיך אין האלץ].

lig'nite *n.* (ליג'-נאיט) ליגניט אדער ברוין-קויהלען [א מין הייצונגס-מאטעריאל, וואס שטעלט מיט זיך פאר אן איבערגאנג פון טארף צו שטיין-קויהלען. ענט-

האלט אין זיך מעהר וואסער־שטאף און זויער־שטאף איידער געוועהנליכע שטיין־קויהלען].

lignit'ic *a.* (ליג-ניט'-איק) וואס ענטהאלט ליגנ'ט. ז. ***lignite***

lig'nitize *v.* (ליג'-ני-טאיז) פערוואנדלען אין ליגנים. ז. ***lignite***

ligniv'orous *a.* (ליג-ניוו'-א-ראס) האלץ־פרעסענד [וועגען געוויסע אינזעקטען].

lig'num-vi'tæ *n.* (ליג'-נאם-וואי'-טיע) גואיא־האלץ [א מין בוים מיט זעהר הארטען און לאנג־דויערענדען האלץ].

lig'ula *n.* (ליג'-יו-לא) אין באטאניק — איינער פון די צונג־פערמיגע טיילען אדער ארגאנען פון א פלאנצע; דאס בינטעל פון ווייסען נערוועז־שטאף, וואס רינגעלט ארום דעם אונטערשטען טייל פון מארך.

lig'ular *a.* (ליג'-יו-לאר) וואס איז שייך צו די צונג־פערמיגע טיילען אדער ארגאנען פון א פלאנצע.

lig'ulate *a.* (ליג'-יו-לייט) צונג־פערמיג; וואס הענגט אראב ווי א צונג [וועגען געוויסע טיילען אדער ארגאנען פון א פלאנצע].

lig'ulated *a.* (ליג'-יו-ליי-טעד) ז. ***ligulate***

lig'ule *n.* (ליג'-יול) איינער פון די עטליכע צונג־פערמיגע טיילען אדער ארגאנען פון א פלאנצע.

lig'ure *n.* (ליג'-יור) דער עדעלשטיין לשם [איינער פון די שטיינער פון חשן, וואס דער כהן גדול פלעגט טראגען אויף'ן הארצען].

li'kable *a.* (לאי'-קעבל) ז. ***likeable***

like *a., adv., n. and v.* (לאיק) גלייך, עהנליך; ווי; אויף א גלייכען אופן; גלייכמעסיג; צוגעפאסטערהייד; אויף דעמזעלבען שטייגער; וואהרשיינליך, מעגליך; א מענש אדער זאך וואס איז עהנליך צו אן אנדער מענש אדער זאך; א קאפיע, א/דופליקאט; א סימפאטיע, א ליעבע אדער נייגונג צו עפעס; ליעבען; האלטען פון אימעצען אדער עפעס.

li'keable *a.* (לאי'-קעבל) וואס קען געפעלען זיין, ליעבענסווירדיג.

like bla'zes (לאיק בליי'-זעס) ווימהענד, מיט גרימצארן.

like for like (לאיק פאר לאיק) מדה כנגד מדה.

like fun (לאיק פאן) אט; דוקא ניט; צולויף איך זיך עס צו טהאן [הומאריסטיש].

Lend me a dollar. "I will like fun".

like'lihood *n.* (לאיק'-לי-הוד) מעגליכקייט, וואהרשיינליכקייט.

In all likelihood our candidate will be elected.

like'liness *n.* (לאיק'-לי-נעס) מעגליכקייט; וואהרשיינליכקייט; אנגענעהמליכקייט, צוגעפאסטקייט.

like loves like (לאיק לאווז לאיק) גלייך מיט גלייך חבר'ט זיך.

like'ly *adv. and a.* (לאיק'-לי) 1. מעגליך; וואהרשיינליך; מעגליכערהייד; אויף א מעגליכען אופן; 2. וואס פאסט זיך צו עפעס, וואס קען געפעלען; אנגענעהם.

1. It is likely that I shall meet him soon.
2. He is a likely fellow.

like mad (לאיק מעד) ווי משוגע.

like mas'ter like man (לאיק מעס'-טער לאיק מען) ווי דער בעל־הבית אזוי דער משרת.

like'-min'ded *a.* (לאיק'-מאינ'-דעד) וואס האט דיזעלביגע אידעען אדער נייגונגען.

Like-minded persons easily become friends.

li'ken *v.* (לאיקן) פערגלייכען.

like'ness *n.* (לאיק'-נעס) עהנליכקייט; א בילד, פארטרעט.

This portrait is a lifelike likeness of me.

likes and dislikes' (לאיקס ענד דיס-לאיקס') סימפאטיען און אנטיפאטיען.

like'wise *adv.* (לאיק'-הוואיז) פונקט אזוי; אויך.

li'king *n.* (לאי'-קינג) א נייגונג, א געשמאק צו עפעס; אן אנגענעהם אויסזעהן; א גוטער צושטאנד.

li'lac *n.* (לאי'-לעק) א מאי־בוים אדער בעז־בוים; לילא־פארב. ז. איל. ***"Colors"***

lila'ceous *a.* (לאי-ליי'-שיאס) פון ליא־פארב. ז. ***lilac***

li'lac-gray *n.* (לאי'-לעק-גריי) א זעהר בלאסער וויאלעט־קאליר.

li'lacthroat *n.* (לאי'-לעק-טהראוט) אזא זשום־פויגעלע אדער קאליברי. ז. ***humming-bird***

lilia'ceous *a.* (ליל-אי-איי'-שיאס) וואס איז שייך צו ליליען; ווי א ליליע.

lil'ied *a.* (ליל'-איד) פול מיט ליליען; ווי א ליליע, ליליען־ארטיג.

Lillibulle'ro *n.* (ליל-אי-בא-לי'-ראו) א פאראל־ווארט ביי די אירלענדישע קאטוליקען צו דערקענען איינע די אנדערע, בעת זיי האבען אויסגעקוילעט די פראטעסטאנטען אין יאהר 1641. אין יאהר 1688 איז אין אירלאנד פערפאסט געווארען א הומאריסטיש פאלקס־ליעד, פון וועלכען יעדער פערז האט זיך געענדיגט מיט דעם צוזאנג "ליליבאלירא".

Lilliburle'ro *n.* (ליל-אי-בויר-לי'-ראו) ז. ***Lillibullero***

Lillipu'tian *n. and a.* (ליל-אי-פיו'-שען) א ליליפוט, א קארליקעל, א קליין מענשעלע; וואס איז שייך צו די ליליפוטען אדער קליין־מענטשעלעך; קליין.

lilt *v. and n.* (לילט) זינגען מונטער אדער לעבעדיג; א פרעהליכער, לעבהאפטער געזאנג; א ריטמיישע בעוועגונג.

lil'ting *a.* (ליל'-טינג) לעבעדיג און מונטער געזונגען אדער געשפיעלט.

lil'y *n. and a.* (ליל'-אי) די ליליע [א בלום]; יעדע פלאנצע וואס איז עהנליך צו א ליליע; דער שפיץ פון א קאמפאס וואס איז געריכטעט צו צפון; וואס איז עהנליך צו א ליליע, ריין, ווייס.

Lily

lil'y-faced *a.* (ליל'-אי-פייסט) בלאס, בלייך; כלומר'שט בעשיידען; כלומר'שט עמפפינדליך.

lil'y-han'ded *a.* (ליל'-אי-הענ'-דעד) וואס האט ווייסע, צארטע הענד; פרויען־עהנליך, פערצערטעלט.

lil'yliver *n.* (ליל'-אי-ליוו-ער) א פייגלינג; א טרוס.

lil'y-liv'ered *a.* (ליל'-אי-ליוו'-ערד) שרעקעדיג, מיט א האזען־הארץ.

lil'y-of-the-val'ley *n.* (ליל'-אי-אוו-טהי-וועל'-אי) דער לאנדיש אדער מאי־בלום [א מין גראז וואס בעשטעהט פון צוויי אדער דריי אוואל־בלעטער מיט ווייסע שמעקענדע בליטהען, וואס זעהען אויס ווי גלעקלעך].

Lily-of-the-valley

lil'y-pad *n.* (ליל'-אי-פעד) דאס גרויסע שווימענדע בלאט פון דער וואסער־ליליע.

lil'y-white *a.* (ליל'-אי-הוואיט) ווייס ווי א ליליע.

lima'ceous *a.* (לאי-מיי'-שיאס) ווי א שנעק [שליאמאק, אוליטקע]; שנעקען־ארטיג.

lima'tion *n.* (לאי-מיי'-שאן) דאס פייל ען, פאלירען.

li'mature *n.* (לאי'-מע-טשור) דאס אבפיילען; פייל־שטויב.

limb *n. and v.* (לים) אן אבר, א גליעד; א צווייג פון א בוים; א טייל פון א בויגען; א פערזאן אדער זאך, וואס ווערט בעטראכט ווי א טייל פון עפעס; א טייל; א מיטגליעד; א קונדס, א ווייסער חברה'ניק; אין אסטראנאמיע — דער ראנד פון דער זון אדער לבנה; צוגליעדערען; פאנאנדערנעהמען אברים־ווייז; צוגעבען אברים; בעקומען אברים.

lim'bat *n.* (לימ'-בעט) א קיהלער ווינד, וואס בלאזט פעריאדיש אויף דעם אינזעל ציפערן פון 8 א זייגער אין דער פריה ביז האלבען טאג.

lim'bate *a.* (לימ'-בייט) וואס האט א ראנד אדער ברעג פון אן אנדער קאליר [וועגען געוויסע בלומען]; וואס האט א ראנד [וועגען קערפער־טיילען].

limbed *a.* (לימד) וואס האט אברים, וואס האט גליעדער.

The baby is very strong-limbed.

lim'ber *n., v. and a.* (לימ'-בער) דער דישעל אדער דייקסעל [פון א וואגען]; דער פאדערטייל פון א קאנאנען־וואגען; דאס לאך אין דעם דעק פון א שיף, דורך וועלכען דאס וואסער לויפט צום פומפ; צוזאמענשטעלעןביידע טיילען פון קאנאנען־וואגען; בויגזאם; ווייך; זאנפט.

lim'ber-hole *n.* (לימ'-בער-האול) דאס לאך אין דעם דעק פון א שיף, דורך וועלכען דאס וואסער לויפט צום פומפ.

lim'berness *n.* (לימ'-בער-נעס) בויגעדיגקייט; ווייכקייט.

lim'ber up (לימ'-בער אפ) אויסטשוכען זיך, אויסגלייכען די ביינער; אויסרייבען זיך; ווערען געשיקט צו עפעס.

I am not fit for the game, but a little practice will limber me up.

lim'bo *n.* (לימ'-באו) דאס פארהויז פון גיהנום; א געפענגניס; אן ארט וואו מען ווארפט צונויף אלטע אבגעניצטע זאכען.

Lim'burger cheese (לימ'-בוירג-ער טשיעז) לימבורגער קעז [א זארט קעז מיט א שארפען ריח וואס ווערט געמאכט ארום לימבורג אין בעלגיען].

lim'bus *n.* (לימ'-באס) דאס פארהויז פון גיהנום; אין אנאטאמיע — א ראנד.

lime *n. and v.* (לאים) א קלעפיגער שטאף, קליי; פויגעל־קליי [אזא קלעפיגער שטאף מיט וועלכען מען בעשמיערט צווייגען פון בוימער צו כאפען פויגלען]; קאלך, וואפנע; א לינדען־בוים; אן ארט ציטראן־בוים וואס וואקסט אין די ווארעמע לענדער; די פרוכט פון אזא בוים; בעשמיערען מיט פויגעל־קליי; פערנארען; בעקאלכען; בעמיסטיגען א פעלד מיט קאלך; בעגיסען מיט וואפנע.

Lime

lime'-bur'ner *n.* (לאימ'-בויר'-נער) א קאלך־ברענער [איינער וואס ברענט איבער קאלך צו מאכען וואפנע].

lime'-juice *n.* (לאימ'-דזשוהס) ציטראן־זאפט.

lime'-kiln *n.* (לאימ'-קיל) א קאלך־אויוועז.

lime'-light *n.* (לאימ'-לאיט) קאלציום־ליכט, דאס דרומאנדישע ליכט. ז. *calcium light*

lime'-machine' *n.* (לאימ'-מע-שין') א מאשין, וועלכע רייניגט גאז, דורכטרייבענדיג איהם דורך וואפנע.

lime'-pit *n.* (לאימ'-פיט) א קאלך־גרוב, א גרוב, אין וועלכער מען האלט אבגעלאשענע וואפנע.

lime'-spread'er *n.* (לאימ'-ספרעד'-ער) אין אגריקולטור — א לעכערדיגער קאסטען אויף רעדער מיט וועלכען מען בעשיט אדער בעשפריינקעלט א פעלד מיט קאלך.

lime'stone *n.* (לאימ'-סטאון) קאלך־שטיין.

lime'-tree *n.* (לאימ'-טריע) א לינדען־בוים.

lime'-twig *n.* (לאימ'-טהוויג) א צווייגעל, בעשמירט מיט פויגעל־קליי [צו כאפען פויגלען]; א פאסטקע, א כיטרער קונץ.

lime'twig *v.* (לאימ'-טהוויג) אנשטעלען פאסטקעס; אריינכאפען אין נעץ.

lime'-wa'ter *n.* (לאימ'-הוואה'-טער) קאלך־וואסער.

lim'inal *a.* (לימ'-אי-נעל) וואס איז שייך צו דער שוועל אדער צום אריינגאנג; וואס איז שייך צום אנפאנג אדער צו דער ערשטער ענטוויקלונגס־שטופע.

lim'it *n. and v.* (לימ'-איט) א גרענעץ; אן ענדונגס־פונקט אדער ענדונגס־ליניע; דאס וואס איז בעגרענעצט אדער בעשרענקט ארום און ארום, א געגענד, א דיסטריקט; בעגרענצען; בעשרענקען.

lim'itable *a.* (לימ'-אי-טעבל) וואס קען בעגרענצט ווערען.

lim'itary *a.* (לימ'-אי-טע-רי) בעגרענצענד, איינשרענקענד; בעגרענצט, בעשרענקט.

limita'tion *n.* (לימ-אי-טיי'-שאן) דאס בעגרענצען; די בעגרענצונג; דאס זיין בעגרענצט; אין יוריספרודענץ — די בעגרענצטע צייט אדער דער סראק, נאך וועלכען מען קען ניט אויפמאנען קיין חוב אדער ארויסשטעלען אנדערע פאדערונגען אין געריכט.

lim'ited *a. and n.* (לימ'-אי-טעד) בעגרענצט, בעשרענקט; שמאל, ענג; א שנעל־צוג אין אמעריקא וואס האט נור ערשטע קלאסע וואגאנען און געהט זעהר שנעל.

lim'ited com'pany (לימ'-אי-טעד קאמ'-פע-ני) א קאמפאניע אדער האנדעלס־געזעלשאפט, וואו די פעראנטווארטליכקייט פון יעדען מיטגליעד פאר די חובות אדער פערפפליכטונגען פון דער געזעלשאפט איז בעשרענקט נור ביז א געוויסער סומע, ווי למשל, די סומע פון זיין אייגענעם געלד, וואס ער האט אריינגעלעגט אין געשעפט.

lim'ited divorce' (לימ'-אי-טעד די-ווארס') א בעשרענקטער גט [א געריכטליכער פסק־דין אז מאן און ווייב זאלען לעבען בעזונדער כאטש זיי האבען זיך ניט גע'גט].

lim'ited liabil'ity (לימ'-אי-טעד לאי-ע-ביל'-אי-טי) אין האנדעל — א בעשרענקטע פעראנטווארטליכקייט [ווען יעדער מיטגליעד פון א האנדעלס־געזעלשאפט איז פעראנטווארטליך פאר'ן גאנצען געשעפט ניט מיט זיין גאנצען פערמעגען, נור מיט א טייל פון איהם].

lim'itedly *adv.* (לימ'-אי-טעד-לי) אויף א בעשרענקטען אופן.

lim'ited part'nership (לימ'-אי-טעד פארט'-נער-שיפ) א שותפות, ווען דער שותף טראגט אריין א סומע געלד איז מזומן און איז פעראנטווארטליך פאר די חובות פון דער אונטערנעהמונג בלויז מיט דעם געלד וואס ער האט אריינגעלעגט אין געשעפט.

lim'ited train (לימ'-אי-טעד טריין) א שנעל־צוג אין אמעריקא וואס האט בלויז ערשטע קלאס וואגאנען און געהט זעהר שנעל.

lim'iter *n.* (לימ'-אי-טער) איינער אדער עטוואס וואס בעגרענצט אדער בעשרענקט; א מאנאך, ווען עס איז ערלויבט צו קלייבען נדבות נור אין א בעשרענקטען בעצירק.

lim'itless *a.* (לימ'-איט-לעס) גרענצלאז, אהן גרענצען.

lim'mer *n.* (לימ'-ער) א לומפ, אן אויסוואורף.

limn *v.* (לים) צייכנען, מאלען מיט וואסער־פארבען; שילדערען, בעשרייבען.

lim'ner *n.* (לימ'-נער) א צייכנער; א מיניאטור־מאלער [איינער וואס מאלט א בילד אין א זעהר פערקלענערטער פארם].

lim'ning *n.* (לימ'-נינג) דאס מאלען אדער צייכנען א זאך.

lim'onin *n.* (לימ'-א-נין) לימאנין, א ביטערער שטאף וואס געפינט זיך אין די קערנדלעך פון אפעלסינען, ציטראנען א. ד. ג.

li'monite *n.* (לאי'-מא-נאיט). לימאניט [ברוינע אייזען־ערץ, פון וועלכער מען בעקומט אייזען און אויך געלבע און רויטע פארב].

li'mous *a.* (לאי'-מאס) בלאטיג, שלאמיג.

limp *a., v. and n.* (לימפ) מאט, שוואך, אונפעהיג; ווייך, בויגיג; הינקען; דאס הינקען.

lim'per *n.* (לימ'-פער) א הינקעדיגער.

lim'pet *n.* (לימ'-פעט) א טעלער־מושעל, א מאלוסקעל וואס ליעגט אין א טעלער־מושעל.

lim'pid *a.* (לימ'-פיד) ליכטיג, קלאר, דורכזיכטיג.

limpid'ity *n.* (לימ-פיד'-אי-טי) ז. *limpidness*

lim'pidly *adv.* (לימ'-פיד-לי) אויף א ליכטיגען, קלארען אדער דורכזיכטיגען אופן.

lim'pidness *n.* (לימ'-פיד-נעס) ליכטיגקייט, קלארקייט, דורכזיכטיגקייט.

lim'pingly *adv.* (לימ'-פינג-לי) הינקעדיג; אויף א הינקעדיגען שטייגער.

limp'sy *a.* (לימפ'-סי) שוואך, דין, בויגזאם.

li'my *a.* (לאי'-מי) בעשמיערט מיט קליי; קלעפיג; קאלכיג, וואס ענטהאלט קאלך.

lin *n.* (לין) א וואסער־פאל.

lin'ament *n.* (לינ'-ע-מענט) פערבאנד־שטאף [שטאף מיט וועלכען מען פערבינדט וואונדען].

linch'-pin *n.* (לינטש'-פין) דאס פלעקעל וואס מען שטעקט אריין אין אן אקס, אום דער ראד זאל ניט אראבפאלען.

linc'ture *n.* (לינק'-טשור) א רפואה, וועלכע מען לעקט אדער שמאקטשעט [ווי א מין צוקערקע געגען הוסט].

linc'tus *n.* (לינק'-טאס) ז. *lincture*

lin'den *n.* (לינ'-דען) דער לינדען־בוים.

line *n. and v.* (לאין) א שטריקעל, א שנירעל; א ליניע; אן אייזענבאהן־ליניע; א שטריך; אן ענטוואורף, א קאנטור, א סקיצירונג; א גרענעץ־ליניע; אן אונטערשיידונגס־שטריך אין געדאנק אדער אויפפיהרונג; דער וועג, אין וועלכען א געוויסע זאך ווערט געריכטעט; א ריכטונגס־ליניע, א ריכטונג פון א געדאנק אדער טהעטיגקייט; א רייהע; א צייל, א שורה; אן אבשטאמונגס־ליניע, דער יחוס; א פאך, פראפעסיאן אדער מלאכה; א געוויסער פאך סחורות; א מאטעמאטישע ליניע [א פארשטעלונג וועגען א זאך, וואס האט בלויז א לענג אבער ניט קיין ברייט און ניט קיין הויך]; א פערז [א שורה פון א נעדיכט]; דער עקוואטאר [די אימאגינערע ליניע, וועלכע צוטיילט דעם ערד־קוגעל אויף צוויי גלייכע האלב־קוגלען, דער צפון'דיגער און דרום'דיגער]; א צעהנטעל אדער צוועלפטעל פון א צאל אדער אינטש; בעצייכנען מיט א ליניע אדער ליניען; איבערגעבען זיך צו א געוויסען פאך אדער בעשעפטיגונג; שטעלען אין א רייה אדער צייל; לייענען א שורה נאך א שורה; זיין אין רייה; לעגען אן אונטערשלאג אין א בגד א. ד. ג.; בעדעקען מיט עפעס די אינערליכע זייט; אונטערשטיצען, אונטערהעלפען; בעפרוכטען [וועגען חיות].

lin'eage *n.* (לינ'-אי-עדזש) די אבשטאמונגס־ליניע, דער יחוס.

lin'eal *a.* (לינ'-אי-על) וואס איז שייך צו א ליניע אדער צו דער לענג; וואס בעשטעהט פון ליניען; וואס שטאמט אב אין א דירעקטער ליניע פון א געוויסער פערזאן.

lin'eal consanguin'ity (לינ'-אי-על קאנ-סענ-גהווינ'-אי-טי) בלוט־פערוואנד־

שאפט אדער קרובה'שאפט לויט דעם סדר היחוס.

lin′eal descent′ (לינ'-אי-על די-סענט) די אבשטאמונג אין א גראדער ליניע [דורך די מעגליכע מיטגליעדער פון דער פאמיליע, דורך די זיהן].

lin′eally *adv.* (לינ'-אי-על-אי) דורך א דירעקטער אבשטאמונג.
He is lineally descended from one of the founders of the Republic.

lin′eal meas′ure (לינ'-אי-על מעזש'-אור) די לענגען=מאס.

lin′eament *n.* (לינ'-אי-ע-מענט) א געזיכטס=צוג; א כאראקטעריסטישע אייגענשאפט אדער אייגענטימליכקייט.

line′-and-line′ *a.* (לאינ'-ענד-לאין') וואס פאסט זיך צו א ברעג צו א ברעג.

lin′ear *a.* (לינ'-אי-אר) וואס איז שייך צו א ליניע; וואס בעשטעהט פון ליניען; וואס איז שייך נור צו דער לענג פון עפעס; ווי א ליניע אדער פאדים, שמאל און אויסגעצויגען [וועגען פלאנצען, בלעטער און לעבעדיגע בעשעפענישען].

lin′ear equa′tion (לינ'-אי-אר אי-קהוויי'-שאן) א לינעארע גלייכונג, אן אלגעבראאישע גלייכונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר א גראדע ליניע [געוויסע מאטעמאטישע גלייכונגען קענען פארגעשטעלט ווערען אין דער פארם פון געוויסע ליניען, ווי א קרייז, א פאראבל א. ד. ג. א גלייכונג פון ערשטען גראד שטעלט מיט זיך פאר א גראדע ליניע].

lin′ear meas′ure (לינ'-אי-אר מעזש'-אור) די לענגען=מאס.

lin′ear num′bers (לינ'-אי-אר נאמ'-בערז) צאהלען וואס בעצייכענען בלויז די לענג.

lin′ear perspec′tive (לינ'-אי-אר פויר-ספעק'-טיוו) די ליניען=פערספעקטיווע [דאס מאלען אדער בעצייכנען זאכען, וועלכע שטעהען אב אויף א געוויסער שטרעקע פון אויג, נור דורך ליניען און פונקטען און ניט דורך פארבען און קאלירען]. ז. *perspective*

lin′eate *a.* (לינ'-אי-אייט) וואס האט לאנגע ליניען, וועלכע ציהען זיך פאראלעל [ווי געוויסע בלעטער פון פלאנצען אדער געוויסע פארמען פון ארכיטעקטור].

lin′eated *a.* (לינ'-אי-איי-טעד) ז. *lineate*

linea′tion *n.* (לינ-אי-איי'-שאן) דאס פיהרען א ליניע: דאס בעצייכנען מיט ליניען; ליניען=צייכענס [ביי חיות].

line bees (לאין ביעז) נאכשפירען ביענען ווי זיי פליהען ביז זייער נעסט.

lined *a.* (לאינד) מיט אונטערשלאג; בעפרוכטעט [וועגען חיות].

lined pa′per (לאינד פיי'-פער) געלינירט פאפיער.

line′-forma′tion *n.* (לאינ'-פאר-מיי'-שאן) ביי מיליטער — די ליניען=אויסבילדונג פון סאלדאטען, דאס אויסשטעלען סאלדאטען ציילענווייז.

line′-kee′per *n.* (לאינ'-קיע'-פער) דער וועכטער אויף אן אייזענבאהן.

line′man *n.* (לאינ'-מען) איינער וועלכער טראגט די שנור אדער קייט וואס ווערט בענוצט אין מעסטען לאנד; דער וואס איז אנגעשטעלט אכטונג צו געבען און צו פערריכטען טעלעגראף=ליניען, טעלעפאן אדער אייזענבאהן=ליניען.

lin′en *n.* and *a.* (לינ'-ען) לייוועגד; וועש; א לייוועגד פאדים; געמאכט פון לייוו אדער לייוועגד; וואס איז עהנליך צו לייוועגד; ווייס, בלייך.

lin′en cam′bric (לינ'-ען קעמ'-בריק) באטיסט [זעהר א דינער און דורכזיכטיגער לייוועגד=שטאף].

lin′en cloth (לינ'-ען קלאטה) לייוועגד.

lin′en dam′ask (לינ'-ען דעמ'-עסק) דאמאסטיק [א מין דיקע און הארטע לייוועגד].

lin′en-dra′per *n.* (לינ'-ען-דריי'-פער) א לייוועגד=הענדלער.

lin′en-pro′ver *n.* (לינ'-ען-פרוה'-ווער) א קליינער מיקראסקאפ וואס ווערט בענוצט אין די לייוועגד=פאבריקען צו זעהן אויף וויפיעל די לייוועגד איז גוט געשפינט און געוועבט.

Linen-scroll

lin′en-scroll *n.* (לינ'-ען-סקראול) אין ארכיטעקטור — אויסגעבויגענע ארנאמענטען אויף די וועגד אין דער פארם פון א צונויפגעוויקעלטען טישטוכעל.

line of ac′tion (לאין אוו עק'-שאן) די ארט פון האנדלונג אדער טעטיגקייט.
The conference agreed on a line of action.

line of bat′tle (לאין אוו בעטל) די ליניע, וועלכע קריעגס=שיפען אדער ארמעען בילדען אויס, פערפערטיגענדיג זיך צו א שלאכט.

line of busi′ness (לאין אוו ביז'-נעס) א בראנזשע, א געשעפטס=צווייג, א געשעפטס=ספעציאליטעט.
He is retiring from the dry goods business. He is planning to engage in another line of business.

line of defence′ (לאין אוו די-פענס') די פערטיידיגונגס=ליניע; די גרענעץ=וואך, דער קארדאן.

line of dip (לאין אוו דיפ) אין געאלאגיע — די נייגונגס=ליניע [די ליניע וואס בעווייזט אויף וויפיעל די אדער יענע ערד=שיכט איז געבויגען אין פערגלייך מיט'ן האריזאנט].

line of fate (לאין אוו פייט) די מזל=ליניע [די ליניע אויף דער האנד=פלעכע וועלכע פאנגט זיך אן פון דעם האנד=ווארצעל און ענדיגט זיך ביים צווייטען פינגער.

line of health (לאין אוו העלטה) די געזונדהייטס=ליניע [די ליניע אויף דער האנד=פלעכע וועלכע פאנגט זיך אן פון האנד=ווארצעל און געהט ביז צום פיערטען פינגער].

line of life (לאין אוו לאיף) די לעבענס=ליניע [די ליניע אויף דער האנד=פלעכע, וועלכע הויבט זיך אן פון האנד=ווארצעל און ציהט זיך ארום דעם באזיס פון גראבען פינגער].

line of opera′tion (לאין אוו אפ-ער-איי'-שאן) די אפעראציאנס=ליניע [די גאנצע ליניע, איבער וועלכער עס איז פערשפרייט אן ארמעע וואס פיהרט אן מלחמה].

line of thought (לאין אוו טהאהט) דער געדאנקען=גאנג.

line′ola *n.* (לי-ני'-א-לא) אין אנאטאמיע און זאאלאגיע — א דינער קליינער שטריך אדער ליניע.

lin′eolate *a.* (לינ'-אי-א-לייט) אין באטאניק און זאאלאגיע — וואס איז בעצייכענט מיט דינע קוים בעמערקבארע ליניען.

line one's pock′et (לאין הוואנז פאק'-עט) אנפילען די קעשענעס.

li′ner *n.* (לאי'-נער) א ליניען=צייכנער; א קריעגס=שיף; א שיף, וואס געהט רעגעלמעסיג פון איין פארט צום צווייטען און צוריק; אין בייסבאל=שפיעל — א באל, וועלכער ווערט געווארפען אזוי, דאס ער פליהט אין א גלייכער ליניע פאראלעל מיט דער ערד; אונטערשלאג; אונטערשלאג=שטאף.

lines′man *n.* (לאינז'-מען) דער ליניען=סאלדאט [פון אינפאנטעריע].

line upon′ line (לאין א-פאן' לאין) א ברעג אויף א ברעג, אזוי אז די ברעגעס קומען זיך צוזאמען.

ling *n.* (לינג) דער לענג [א גרויסער ים=פיש וואס געפינט זיך אין די צפון=אייראפעאישע ימים. ווערט געכאפט אין גרויסע מאסען און מען עסט איהם געזאלצענערהייד אדער געטריקענטערהייד].

Ling

lin′ger *v.* (לינ'-גער) זיך קווענקלען, צעגערען, אבלעגען; לאנג ווארטען, פערוויילען, ארומבלאנקען זיך.

lin′gerer *n.* (לינ'-גער-ער) איינער וואס קווענקעלט זיך, צעגערט, לעגט אב, בלאנקעט זיך ארום.

lin′gering *a.* (לינ'-גער-אינג) לאנגזאם; דויערענד; זיך ציהענד; קוועלענד.

lin′geringly *adv.* (לינ'-גער-אינג-לי) אויף א לאנגזאמען, זיך ציהענדען, קוועלענדען שטייגער.

lin′get *n.* (לינ'-געט) ז. *lingot*

lin′go *n.* (לינ'-גאו) א לשון; א דיאלעקט; א זשארגאן.

lin′got *n.* (לינ'-גאט) א שטיקעל צוזאמענגעגאסען מעטאל; א צינגעל.

lin′gua *n.* (לינ'-גהווא) די צונג; א שפראך.

linguaden′tal *a.* (לינ-גהווא-דענ'-טעל) וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער צונג און צייהנער.

Lin′gua Fran′ca (לינ'-גהווא פראנ'-קא) איטאליעניש געמישט מיט אראביש, טערקיש און גריכיש, וואס ווערט גערעדט אין אריענט; א צונויפגעמישטע שפראך; אן אינטערנאציאנאלער דיאלעקט.

lin′gual *a.* and *n.* (לינ'-גהוועל) וואס איז שייך צו דער צונג; וואס איז פערבונדען מיט דער צונג; וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער צונג [ווי די בוכשטאבען "ד", "ט" א. ד. ג.]; א בוכשטאב וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער צונג.

lin′gual mus′cle (לינ'-גהוועל מאסל) דער צונג=מוסקעל.

lin′guiform *a.* (לינ'-גהווי-פארם) וואס האט די פארם פון א צונג, צונג=פערמיג.

lin′guist *n.* (לינ'-גהוויסט) א לינגוויסט, א שפראך=קענער, א פילאלאג.

linguis′tic *a.* (לינ-גהוויס'-טיק) לינגוויסטיש, שפראכליך, וואס איז שייך צו שפראך=וויסענשאפט.

linguis′tical *a.* (לינ-גהוויס'-טי-קעל) ז. *linguistic*

linguis′tically *adv.* (לינ-גהוויס'-טי-קעל-אי) אויף א לינגוויסטישען שטייגער; דורך שפראך=וויסענשאפט.

linguis'tics *n.* (לינ-גווים'-טיקס) לינגוויסטיק, שפראך־וויסנשאפט.

lin'gula *n.* (לינ'-גיו-לא) א צינגעל, א צינגעל־עהנליכער קערפער־טייל.

lin'gulate *a.* (לינ'-גיו-לייט) וואס האט די פארם פון א צונג.

ling'wort *n.* (לינג'-הווארט) די ווייסע טשעמעריצע [א הויך גראז מיט ווייסע בליטהען. פון דיזען גראז בעקומט זיך א גיפטיגער זאפט, נאראטין, וועלכער ווערט בענוצט אין א פלאסטער צו א גע־שוויר].

linig'erous *a.* (לי-נידזש'-ע-ראס) וואס פראדוצירט פלאקס; וואס פראדוצירט לייון.

lin'iment *n.* (לינ'-אי-מענט) א שיטע־רע זאלב [צום שמירען].

li'ning *n.* (לאי'-נינג) פוטער; אונטער־שלאג; דאס בעלעגען אדער בעשלאגען די אינערליכע זייט פון א וואנד; דאס וואס ענטהאלט זיך אינווענינג.

li'ning-pa'per *n.* (לאי'-נינג-פיי'-פער) א פאפיער וואס בעדעקט די אינער־ליכע זייט פון עפעס [ווי איז אן איינ־געבונדענעם בוך דאס פאפיער, וואס בע־דעקט די אינערליכע זייט פון טאוועל א. ד. ג.].

link *n. and v.* (לינק) א גליעד אדער א רינג פון א קייט; דאס וואס פערבינדעט אדער פעראייניגט איין זאך מיט אן אנ־דערער; א הונדערט־חלק פון דער קייט, מיט וועלכער מען מעסט לאנד; אין א דאמפף־מאשין — דער גליעד אדער די פאררייכטונג, וועלכע פערוואנדעלט איין פארם פון בעוועגונג אין אן אנדערער; א פאקעל; פערקייטלען; פערבינדען; צוזא־מענבינדען; זיך צוזאמענקייטלען אדער צוזאמענבינדען.

link'boy *n.* (לינק'-באי) א פאקעל־יונג, איינער וואס בעלייכט דעם וועג פאר פא־סאזשירען אין א פינסטערער גאס [אין אמאליגע צייטען אין לאנדאן].

linked arms (לינקט ארמז) ארם אין ארם, האנד אין האנד.

link'man *n.* (לינק'-מען) א פאקעל־מאן, א פאקעל־טרעגער. ז. *linkboy*

link'-mo'tion *n.* (לינק'-מאו'-שאן) קוליס־שטייערונג [א געוויסע סיסטעם פון די בעטריעבס־טיילען אין א דאמפף־מאשין זי צו זעצען אין בעוועגונג אדער אומציקעהרען איהר בעוועגונגס־ריכטונג. דיעזע סיסטעם בעשטעהט הויפטזעכליך פון א שטאנג מיט א שפאלט וועלכער ווערט געטריבען פון איין אדער צוויי עקסצענטערס].

linn *n.* (לין) ז. *lin*

Linnæ'an *a.* (לי-ניע'-ען) ז. *Linnean*

Linne'an *a.* (לי-ני'-ען) וואס איז שייך צו דעם שוועדישען באטאניקער קארל לינע [געבארען אין יאהר 1707, געשטארבען 1778] אדער צו זיין סיסטעם.

lin'net *n.* (לינ'-עט) דער האנפלינק [א קליין זינג־פויגעלע מיט פע־דערען פון א גע־מישטען גרויען, ברוינעם און פלאקס־קאליר. אום זומער בעקומט דער קאפ און די ברוסט ביי די זכרים א מין רויטליכען קא־ליר].

Linnet

lino'leum *n.* (לי-נאו'-לי-אם) לינאלע־אום [א געמיש פון קארק־פולווער מיט קאוטשוק, מיט וועלכען מען בעשמיערט דיקע לייוונט און מען פראדוצירט א מין דיקע צעראטע].

lin'otype *n.* (לינ'-א-טאיפ) א שורה דרוק־שריפט אויסגעגאסען אין איין שטיק; א זעץ־מאשין וואס גיט ארויס גאנצע שורות שריפט אנשטאט איינצעלנע בוכ־שטאבען.

lin'seed *n.* (לינ'-סיעד) לייון־זאמען, פלאקס־זאמען.

lin'seed-cake *n.* (לינ'-סיעד-קייק) א לייון־קוכען [די הארטע מאסע וואס בלייבט ווען מען האט אויסגעפרעסט דעם אויל פון לייון־זאמען. ווערט געברויכט אלס קאר־מע פאר בהמות].

lin'seed-oil *n.* (לינ'-סיעד-אויל) לייון־אויל, זאמען־אויל [אן אויל וואס ווערט אויסגעפרעסט פון פלאקס־זאמען].

lin'sey *n.* (לינ'-סי) ז. *linsey-woolsey*

lin'sey-wool'sey *n. and a.* (לינ'-סי-הוואול'-סי) אזא גראבער שטאף געוועבט פון האלב וואל און האלב פלאקס; א גע־מישטער געוועב; שעטנז; א געמישעכץ; פלאפלעריי; געמאכט פון שעטנז; ניט פליישיג ניט מילכיג.

lin'stock *n.* (לינ'-סטאק) א צינד־שטאק [א צוגעשפיצט שטעקעל צום אנצינדען די קויל פון א הארמאט].

lint *n.* (לינט) קארפיע [אנגעצופטע לייון־פעדים צום פערבינדען וואונדען]; רויטע באוועל [וואס איז געריינינגט פון זאמען]; פוך; א נעץ, א סעטקע; דאס פערשפרייטען א נעץ איבער א טייכעל.

lin'tel *n.* (לינ'-טעל) דער אויבערבאלקען פון א טהיר אדער פענסטער.

lint'stock *n.* (לינט'-סטאק) ז. *linstock*

lint'-white *a.* (לינט'-הוואיט) ווייס ווי פלאקס.

lin'ty-white *a.* (לינ'-טי-הוואיט) ז. *lint-white*

li'ny *a.* (לאי'-ני) פול מיט ליניען; בע־צייכענט מיט ליניען.

li'on *n.* (לאי'-אן) א לייב; א מענש מיט די אייגענשאפטען פון א לייב, א פערזאן מיט גרויס קראפט, מוטה און קוראזש; דער העלד פון טאג [א מענש, אויף וועלכען יעדער ריכטעט זיין אויפמערק־זאמקייט]; אזא אלטע גאלדענע שאטלענ־דישע מטבע.

Lion

Li'on *n.* (לאי'-אן) מזל אריה [א גע־וויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען].

li'on-ant *n.* (לאי'-אן-ענט) די לייב־מוראשקע. ז. *ant-lion*

li'on-dog *n.* (לאי'-אן-דאג) דער לייב־הונד [א מין הונד וואס איז בעוואקסען מיט א גריווע].

li'onel *n.* (לאי'-אן-על) א יונגער לייב.

li'oness *n.* (לאי'-אן-עס) א לייבעטע [די נקבה פון א לייב]; א פרוי א בע־ריהמטהייט, וואס רופט ארויס אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט.

li'onet *n.* (לאי'-אן-עט) ז. *lionel*

li'on-head'ed *a.* (לאי'-אן-העד'-עד) מיט א לייבען־קאפ.

li'on-heart *n.* (לאי'-אן-הארט) א לייבען־הארץ, א מענש מיט גרויס מוטה.

li'on-hear'ted *a.* (לאי'-אן-האר'-טעד) וואס האט א לייבען־הארץ; טאפפער, גרויסמוטיג; מיט גרויס קוראזש.

li'on-hun'ter *n.* (לאי'-אן-האנ'-טער) דער לייבען־יעגער; איינער וואס יאגט זיך נאך גרויסע פערזענליכקייטען און בע־ריהמטהייטען.

li'on in the way (לאי'-אן אין דהי הוויי) א געפאהר וואס שטעהט איינעם אין וועג; א כלומרשטדיגע סכנה, וואס איינער שטעלט זיך פאר צוליעב פיינהייט אדער צוליעב ניט וועלען עפעס טהאן.

li'onise *v.* (לאי'-אן-איז) ז. *lionize*

li'onism *n.* (לאי'-אן-איזם) דאס יאגען זיך נאך בעריהמטהייטען.

li'onize *v.* (לאי'-אן-איז) בעציהען זיך צו איינעם ווי צו א לייב, מאכען איהם פאר א געגענשטאנד פון גרויס אינטערעס און אויפמערקזאמקייט.

lioniza'tion *n.* (לאי-אן-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען איינעם פאר א "לייב" פון דער געזעלשאפט, דאס ציהען צו איהם פיעל אויפמערקזאמקייט.

li'on-like *a.* (לאי'-אן-לאיק) ווי א לייב.

li'on-met'tled *a.* (לאי'-אן-מעט'-לד) וואס האט די קראפט אדער דעם מוטה פון א לייב.

li'on's den (לאי'-אנז דען) די לייבען־גרוב.

li'on's-foot *n.* (לאי'-אנז-פוט) דער לייבען־פוס [א מין נידריג גראז מיט רונדליכע און עטוואס צונויפגעלעגטע בלעטלעך און מיט קליינינקע גרינליכע בליטהען. ווערט אמאל געברויכט אלס א באבסקע רפואה צו געוויסע קראנקהיי־טען].

li'on's-leaf *n.* (לאי'-אנז-ליעף) דאס לייבען־בלאט [דאס בלאט פון געוויסע פלאנצען, וואס ווייזט אויס ווי דער אב־דרוק אדער דער סליאד פון א לייב'ס פוס].

li'on's share (לאי'-אנז שעהר) א לייבען־חלק [דער גרעסטער טייל אדער די גאנצע זאך].

She received the **lion's** share of the estate.

li'on's-tail *n.* (לאי'-אנז-טייל) דער לייבען־עק [א מין ווילד גראז מיט ווייסע בליטהען. ווערט געברויכט אלס באבסקע רפואה צו געוויסע קראנקהייטען].

li'on's-tooth *n.* (לאי'-אנז-טוטה) דער לייבען־צאהן [אזא גראז מיט בלעט־לעך ביים סאמע ווארצעל. די בלימעלעך האבען די פארם פון געלבע קערבעלעך און זיינען פול מיט א מין מילך־זאפט. דער ווארצעל ווערט געברויכט אנשטאט צי־קאריע און אויך אין פאלקס־מעדיצין].

li'on's whelp (לאי'-אנז הוועלפ) א יונגער לייב.

lip *n. and v.* (ליפ) א ליפ; דער רעד־ארגאן, דאס מויל; דאס רעדען; חוצפה־דיגע אדער בעליידיגענדע רייד; דער ברעג אדער ראנד פון עפעס; אין בא־טאניק — די אויבערשטע אדער אונ־טערשטע ליפ פון דער עפענונג פון א

בלומען-קריינדעל; אנריהרען מיט די ליפּען; קושען; אויסדריקען מיט די ליפּען; רעדען; אין מוזיק — אויסציהען די ליפּען און צופּאסען זיי צום בלאז-אינסטרומענט.

lip'arocele *n.* (ליפּ'-ע-רא-סיל) אין מעדיצין — אַן אַנוואוקסונג פון פעטקייט, אַ פעטע געשווילעכץ.

lip'-born *a.* (ליפּ'-באָהרן) וואס געהט ארויס פון די ליפּען און ניט פון הארצען, ניט אויפריכטיג, אונערנסט.

lip'-com'fort *n.* (ליפּ'-קאָמ'-פאָרט) דאס טרייסטען מיט'ן מויל; אַ ניט אויפריכטיגע טרייסט.

lip'-com'forter *n.* (ליפּ'-קאָמ'-פאָר-טער) איינער וועלכער טרייסט נור מיט די ליפּען אהן שום אויפריכטיגקייט.

lip'-devo'tion *n.* (ליפּ'-די-וואָ'-שאָן) דאס מתפלל זיין נור מיט'ן מויל אהן שום ערנסט און אויפריכטיגקייט.

lip'-good *a.* (ליפּ'-גוּד) וואס איז גוט נור מיט'ן מויל, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט.

lip'-hom'age *n.* (ליפּ'-האָמ'-עדזש) די עהרפורכט אדער יראת הכבוד נור מיט די ליפּען.

lip'-la'bor *n.* (ליפּ'-ליי'-באָר) פוסטע רייד; פוסטע הבטחות; אַ פאלשער שבח.

lip'-labo'rious *a.* (ליפּ'-ליי-באָ'-רי-אָס) מיט פאלשע שבחים, היפּאקריטיש.

lip'less *a.* (ליפּ'-לעס) אהן ליפּען.

lip'let *n.* (ליפּ'-לעט) אַ קליין ליפּעלע.

lipogen'esis *n.* (לאי-פּאָ-דזשען'-ע-סיס) די אויסבילדונג פון פעטקייט.

li'pogram *n.* (לאי'-פּאָ-גרעם) דאס ליפּאגראם, דאס ארויסלאזען אַ געוויסען בוכשטאב אין אַ שריפט [ווי למשל אין אדיסעע איז אין איין קאפּיטעל פון אלע ווערטער ארויסגעלאזען דער בוכשטאב *A*, אין אַן אנדערען — דער בוכשטאב *B* א. ז. וו.].

lipogrammat'ic *a.* (לאָ'-פּאָ-גרע-מעט'-איק) ליפּאגראמאטיש; וואס איז שייך צו אַ ליפּאגראם. ז. *lipogram*.

lipo'ma *n.* (לי-פּאָ'-מא) ז. *liparocele*.

lipomato'sis *n.* (לי-פּאָ-מע-טאָ'-סיס) אַן אוננאַרמאלע אַנוואוקסונג פון פעטקייט.

lip'-or'nament *n.* (ליפּ'-אָהר'-נע-מענט) אַ ליפּ-ציערונג, אַ זאך וואס ווערט ארייננעשטעלט אין דער ליפּ אלס אַ ציערונג [ווי ביי געוויסע ווילדע שבטים].

liposto'mia *n.* (לאי-פּאָ-סטאָ'-מי-א) ז. *lipostomy*.

lipostomo'sis *n.* (לאי-פּאָ-סטאָ-מאָ'-סיס) דאס ניט האבען קיין מויל.

lipos'tomy *n.* (לאי-פּאָס'-טאָ-מי) ליפּאסטאמיע, דאס פערלירען דאס מויל, דאס ניט האבען קיין מויל [ווי ביי שוואמען און אנדערע פלאנצען-חיות].

lipothym'ia *n.* (לאי-פּאָ-טהימ'-אי-א) ז. *lipothymy*.

lipoth'ymous *a.* (לאי-פּאָטה'-אי-מאָס) אהנמעכטיג, אין חלשות.

lipoth'ymy *n.* (לאי-פּאָטה'-אי-מי) אהנמאכט, חלשות.

lipped *a.* (ליפּט) מיט גראָבע ליפּען; מיט ליפּען [וועגען געוויסע מינים פּיִיס].

lip'pitude *n.* (ליפּ'-אי-טיוד) דאס טריפען פון אויג [אַן אויגען-קראנקהייט].

lip'-rea'ding *n.* (ליפּ'-ריע'-דינג) דאס לעזען לויט די ליפּען, דאס פערשטעהן

ויאס אַ צווייטער זאגט לויט די בעוועגונגען פון זיינע ליפּען [אין דעם לערנען פון טויב-שטומע].

lip'-righ'teousness *n.* (ליפּ'-ראי'-טשאָס-נעס) דאס זיין אַ צדיק מיט'ן מויל.

lip'-salve *n.* (ליפּ'-סאָוו) ליפּען-פּאמאדע, ליפּען-זאלב; האניג-זיסע רייד.

lip'-ser'vice *n.* (ליפּ'-סויר'-ווים) דאס מתפלל זיין נור מיט די ליפּען; ניט קיין ערנסטע פרומקייט.

lip'-wis'dom *n.* (ליפּ'-הוויז'-דאָם) פוסטע חכמה, דאס זיין אַ חכם בלויז מיט'ן מויל.

lip'-work *n.* (ליפּ'-הוואירק) ליפּען-ארבייט; דאס קושען; קושעריי.

lip'-wor'ship *n.* (ליפּ'-הוואיר'-שיפּ) ז. *lip-service*.

liq'uable *a.* (ליק'-הוועבל) שמעלצבאר, וואס קען געשמאלצען ווערען.

li'quate *v.* (לאי'-קהווייט) שמעלצען; אבטיילען איין מעטאל פון אַ צווייטען דורך שמעלצונג.

liqua'tion *n.* (לאי-קהוויי'-שאָן) די שמעלצונג, דאס שמעלצען; דאס אבזונדערען איין מעטאל פון אַן אנדערען דורך שמעלצען.

liquefa'cient *a.* (ליק-הווי-פּיי'-שיענט) וואס פערוואנדעלט אין אַ פליסיגקייט; וואס דיענט צו פערוואנדלען אין אַ פליסיגקייט.

liquefac'tion *n.* (ליק-הווי-פעק'-שאָן) דאס שמעלצען, די שמעלצונג; דאס פערוואנדלען אין אַ פליסיגקייט; דאס ווערען צושמאלצען.

liq'uefiable *a.* (ליק'-הווי-פאי-עבל) שמעלצבאר, וואס קען געשמאלצען ווערען.

liq'uefy *v.* (ליק'-הווי-פאי) שמעלצען; ווערען פליסיג.

liques'cence *n.* (לי-קהוועס'-ענס) דאס זיין שמעלצבאר, שמעלצבארקייט.

liques'cency *n.* (לי-קהוועס'-ען-סי) ז. *liquescence*.

liques'cent *a.* (לי-קהוועס'-ענט) צו-שמעלצענד; וואס ווערט צושמאלצען.

liqueur' *n.* (לי-קויר') ליקער, אַ זיסער אלקאהאלישער געטראנק געמישט מיט פערשיעדענע געווירצען.

liqueur'-glass *n.* (לי-קויר'-גלעס) זעהר אַ קליין גלעזעל אדער קעלישאק, פון וועלכען מען טרינקט ליקער. ז. *liqueur*.

liq'uid *a.* and *n.* (ליק'-הוויד) פליסיג; ווי אַ פליסיגקייט, קלאר, דורכזיכטיג; פּייכט פון טרעהרען; פול מיט טרעהרען; וואס קלינגט זאנפט אין די אויערען [ווי אַ פליסיגע מעלאדיע, אַ פליסיגער בוכשטאב]; אַ פליסיגקייט; אַ פליסיגע זאך; אין גראמאטיק — אַ פליסיגער בוכשטאב [איינער פון די בוכשטאבען "ל", "מ", "נ", "ר"].

liq'uid air (ליק'-הוויד עהר) געוועהנליכע לופט וואס ווערט פערוואנדעלט אין אַ פליסיגקייט דורך דרוק און דורך שטארקע קעלט.

liq'uidamber *n.* (ליק'-הוויד-עמ-בער) דער אמבער-בוים [אַ מין אמעריקאנישער בוים מיט גרויסע גלאנציגע בלעטער, וואס זעהען אויס ווי שטערען. פון איהם טריפט אַ זיסער קלעפּיגער זאפט, וואס ווערט געברויכט אין געוויסע צוקערקעס און אויך אין מעדיצין].

liq'uidate *v.* (ליק'-הווי-דייט) 1. ליקווידירען, אויסגלייכען, אבצאהלען [די חובות]; 2. קלאר מאכען, ברייגנען אין ארדנונג; 3. ווייכער מאכען.

1. The proprietors are liquidating their business.

liquida'tion *n.* (ליק-הווי-דיי'-שאָן) די ליקווידירונג, די אויסגלייכונג [פון שולדען].

liq'uidator *n.* (ליק'-הווי-דיי-טאָר) אַ ליקווידירער [איינער וואס צאהלט אויס אדער גלייכט אויס זיינע חובות]; אַ ליקווידאטאר.

liquid'ity *n.* (לי-קהוויד'-אי-טי) פּליסיגקייט; דאס זיין פליסיג; דאס זיין פליסיג, הארמאניש אדער אנגענעהם [וועגען מעלאדיע, קלאנג א. ד. ג.].

liq'uid manure' (ליק'-הוויד מע-ניור') פליסיגע מיסט [צו בעמיסטיגען פעלדער].

liq'uid meas'ure (ליק'-הוויד מעזש'-אור) אַ פליסיגקייטס-מאס [אַ מאס, מיט וועלכער מען מעסט פליסיגקייטען].

liq'uidness *n.* (ליק'-הוויד-נעס) ז. *liquidity*.

liqu'or *n.* and *v.* (ליק'-אָר) אַ פליסיגקייט; אַ געטראנק, אַן אלקאהאלישער געטראנק [וויין, ביער, בראנפען א. ד. ג.]; ליקער; צוגעבען אלקאהאל, בעארבייטען עפּעס מיט אלקאהאל; טרינקען שנאפּס.

liq'uorice *n.* (ליק'-הוואָ-ריס) ז. *licorice*.

li'ra *n.* (לי'-רא) אַ לירא, אַן איטאליע-נישע זילבערנע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אַ פראנצויזישען פראנק אדער 19 אמעריקאנישע סענט; אַ טערקישער פונט, אַ טערקישע גאלדענע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון 4 דאלאר מיט 40 סענט; אַ לירע, אַ מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס. ז. *lyre*.

lir'icon-fan'cy *n.* (ליר'-אי-קאָן-פען'-סי) די מאי-בלום אדער לאנדיש. ז. *lily-of-the-valley*.

liripip'ium *n.* (ליר-אי-פּיפּ'-אי-אָם) דאס ליריפּיפּיום [אַ מין היטעלע וואס עס פלעגען טראגען די ענגלישע סטודענטען, וועלכע האבען שוין בעקומען אַ דיפלאם פון אַ העכערער שוהל. אין די שפּעטערינע צייטען האבען זיי אנגעהויבען טראגען אלס צייכען פון זייער דיפלאמירטען צושטאנד אַ זיידענעם שארף, פון וועלכען די עקען העגגען אראב ביז דער ערד].

lir'ipoop *n.* (ליר'-אי-פּוּהפּ) דאס לירי-פּיפּיום [ז. *liripipium*]; געלערענט-קייט; שכל, שמר-שטיק; אַ שוטה, אַ נאר.

Lis'bon *n.* (ליז'-באָן) די ליסאבאָן, די הויפּט-שטאדט פון פּארטוגאל; אַ מין פּארטוגעזישער ווייסער וויין.

lisp *v.* and *n.* (ליספּ) רעדען שטשיפּע-ליאווע [ניט שארף ארויסרעדען די בוכשטאבען "ז" אדער "ס", ווי למשל, "גענעטהען" אנשטאט "גענעסען"]; שוועער אדער ניט שארף ארויסרעדען די ווערטער [ווי אַ קינד וואס פאנגט ערשט אַן צו רעדען]; דאס רעדען שטשיפּעליאווע.

lis'per *n.* (ליס'-פּער) איינער וואס רעדט שטשיפּעליאווע; איינער וואס קען ניט שארף ארויסרעדען די בוכשטאבען "ז" אדער "ס".

lis'some *a.* (ליס'-אָם) בויגזאם; ווייך; וואס לאזט זיך איבעררעדען; לייכט, טהעטיג, געשיקט.

lis'someness *n.* (ליס'-אָם-נעס) בויגזאמקייט, ווייכקייט; לייכטקייט, געשיקט-קייט.

list *v.*, *n.* and *a.* (ליסט) איינשרייבען

אין א בוך אדער קאטאלאג, אריינטראגען אין א ליסטע אדער צעטעל; בעשלאגען מיט א לייסט, ארומלעגען מיט א קרייקע; פערשמעלערען, מאכען שמאל; אנבויגען [א שיף] אן א זייט; בעפריעדיגען, צופריעדענשטעלען; פערלאנגען, לוסט האבען; אויסקלייבען; הערען, זיך צוהערען; ארומצאמען, ארומרינגלען מיט א צאם [וועגען א קאמפפס־פעלד]; א ליסטע, א צעטעל, א קאטאלאג: א לייסט, א קרייקע, א ברעג, א זוים; דאס אנבויגען זיך פון א שיף; לוסט, חשק; דער באריער, דער צאם אדער גרענעץ פון א פעלד, בעזאנדערס פון א שלאכט־פעלד; געמאכט פון קרייקעס [ווי געוויסע טעפיכען אדער קאווארען].

lis'ted *a.* (ליס'-טעד) געשטרייפט, מיט פאסען; אנגעבויגען [וועגען א שיף].

lis'tel *n.* (ליס'-טעל) אין ארכיטעקטור — א קליינע שמאלע לייסט.

lis'ten *v.* (ליסן) הערען; זיך צוהערען.

lis'tener *n.* (ליס'-נער) א הערער; א צוהערער.

lis'ter *n.* (ליס'-טער) אן איינשרייבער, איינער וואס שרייבט איין אין א ליסטע; אין אגריקולטור — א מאשין, וועלכע שטעלט פאר א מין אקער־אייזען וואס אקערט אויף די ערד און אין דערזעלבער צייט פערזייהט זי קוקורוזע אדער אנדערע זארטען קערנער.

lis'terine *n.* (ליס'-טער-אין) ליסטערין, אן אנטיסעפּישער מיטעל, וואס ווערט בענוצט אין כירורגיע צו פערמיידען די שעדליכע ווירקונג פון מיקראבען אויף דער וואונד פון איינעם, וועמען מען האט געמאכט אן אפעראציע.

Lis'terism *n.* (ליס'-טער-איזם) ליסטעריזם, די אנטיסעפּטישע מעטאדע פון כירורגיע, וועלכע עס האט איינגעפיהרט דער ענגלישער כירורג דר. ליסטער.

list'ful *a.* (ליסט'-פול) אויפמערקזאם.

lis'ting *n.* (ליס'-טינג) דאס בעשלאגען מיט א לייסט; דאס ארומלעגען מיט א קרייקע; א קרייקע; דאס מאכען א ליסטע אדער קאטאלאג; דאס איינטיילען פון לאנד צווישען די ערד־ארבייטער [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

lis'ting-machine' *n.* (ליס'-טינג-מע-שין') א צוזאמענרעכנונגס־מאשין [א מאשין, וועלכע דרוקט אב פערשיעדענע צאהלען און וועיזט זייער אלגעמיינע סומע].

list'less *a.* (ליסט'-לעס) וואס בעציהט זיך גלייכגילטיג אדער אהן אויפמערקזאמקייט; אונטהעטיג, אהן לעבען.

The audience was very listless. They paid no attention to the proceedings.

list'lessly *adv.* (ליסט'-לעס-לי) אויף אן אונאויפמערקזאמען, גלייכגילטיגען שטייגער.

list'lessness *n.* (ליסט'-לעס-נעס) גלייכגילטיגקייט, אונאויפמערקזאמקייט.

lit (ליט) אנגעצונדען; זיך ארונטערגעלאזט. ז. *light*.

lit'any *n.* (ליט'-ע-ני) [א די ליטאניע קריסטליכע תפילה וואס ווערט פארגעלעזען און געזונגען ביי געוויסע רעליגיעזע צערעמאניען].

li'ter *n.* (לי'-טער) אין דער מעטרישער סיסטעם — א ליטער, א מאס פאר פליסיגקייטען [$2\frac{1}{10}$ פיינט] און תבואות [$\frac{9}{10}$ קווארט].

lit'eracy *n.* (ליט'-ע-רע-סי) דאס זיין גראמאטנע, דאס קענען לעזען און שרייבען.

lit'eral *a.* (ליט'-ע-רעל) 1. לויט די בוכשטאבען, אלפאבעטיש; 2. בוכשטעבליך, ווערטערליך; פינקטליך.

2. Give me a literal translation of this passage.

literalisa'tion *n.* (ליט-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) ז. *literalization*.

lit'eralise *v.* (ליט'-ע-רעל-איז) ז. *literalize*.

lit'eralism *n.* (ליט'-ע-רעל-איזם) בוכשטעבליכקייט, גענויקייט; דאס האלטען זיך נאהענט צום בוכשטאב פון טעקסט [ווי ביי אן איבערזעצונג]; פינקטליכקייט.

lit'eralist *n.* (ליט'-ע-רעל-איסט) דער וואס האלט זיך אן די דינים און תקנות לויט זייער בוכשטעבליכען זין: א בוכשטעבליכער איבערזעצער.

literal'ity *n.* (ליט-ע-רעל'-אי-טי) בוכשטעבליכקייט, די בוכשטעבליכע בעדייטונג.

literaliza'tion *n.* (ליט-ע-רעל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען בוכשטעבליך; דאס האלטען זיך שטרענג אן דעם בוכשטעבליכען זין פון די ווערטער.

lit'eralize *v.* (ליט'-ע-רעל-איז) מאכען בוכשטעבליך; האלטען זיך שטרענג אן דעם בוכשטעבליכען זין פון ווארט.

lit'erally *adv.* (ליט'-ע-רעל-אי) אויף א בוכשטעבליכען אופן.

lit'eral mea'ning (ליט'-ע-רעל מיע'-נינג) דער בוכשטעבליכער זין.

lit'eralness *n.* (ליט'-ע-רעל-נעס) ז. *literality*.

lit'eral transla'tion (ליט'-ע-רעל טרענס-ליי'-שאן) א בוכשטעבליכע איבערזעצונג.

lit'erary *a.* (ליט'-ע-רע-רי) ליטעראריש, וואס געהערט צו ליטעראטור; וואס בעשעפטיגט זיך מיט ליטעראטור.

lit'erary li'ons (ליט'-ע-רע-רי לאי'-אנז) ליטעראטור־לייבען; ליטערארישע בעריהמטהייטען.

lit'erary man (ליט'-ע-רע-רי מען) א ליטעראט, א שרייבער.

lit'erary pow'er (ליט'-ע-רע-רי פאו'-ער) ליטערארישער טאלענט.

lit'erary prop'erty (ליט'-ע-רע-רי פראפ'-ער-טי) ליטערארישעס אייגענטומסרעכט [דאס רעכט פון א מחבר אויף זיין ווערק, אז קיינער זאל עס ניט איבערדרוקען אהן זיין ערלויבניש].

lit'erary remains' (ליט'-ע-רע-רי רי-מיינז') די ניט־געדרוקטע שריפטען, וואס בלייבען נאך'ן טויט פון א שריפטשטעלער.

lit'erate *a. and n.* (ליט'-ע-רייט) געלערענט, געבילדעט; וואס האט צו טהאן מיט ביכער אדער ליטעראטור; א געלעהרטע פערזאן; א געבילדעטער מענש, וועלכער האט ניט געשטודירט אין א שוהל אדער אוניווערזיטעט.

litera'tim *adv.* (ליט-ע-ריי'-טים) בוכשטעבליך, אות באות.

lit'erator *n.* (ליט'-ע-ריי-טאר) א ליטעראט; א דרדקי מלמד [אין די אלטע צייטען].

lit'erature *n.* (ליט'-ע-רע-טשור) ליטעראטור; ליטערארישע ווערק.

lit'eratured *a.* (ליט'-ע-רע-טשורד) געלערענט; וואס האט ליטערארישע קענטניסע.

lith'arge *n.* (ליטה'-ארדזש) בליי־גלאזור [א מין געלבער אדער רויטליכער האלבדורכזיכטיגער שטאף, וואס בעקומט זיך ביים איבערברענען בליי ביי א גענוגענדען צופלוס פון לופט. ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן פון לאק, פאיאנס, קריסטאל א. ד. ג.].

lith'ate *n.* (ליטה'-אייט) א כעמישע זאלץ פון אורין־זויערע. ז. *uric acid*.

lithe *a.* (לאיטה) וואס בויגט זיך לייכט אדער גראציעז; בויגזאם, בייגעדיג.

She has a lithe and handsome figure.

lithe'ly *adv.* (לאיטה'-לי) אויף א בויגזאמער ארט.

lithe'ness *n.* (לאיטה'-נעס) בויגזאמקייט, בויגינגקייט.

lith'er *a.* (ליטה'-ער) שלעכט; פערדארבען; פויל; אונווירדיג.

lith'erness *n.* (ליטה'-ער-נעס) אונווירדינקייט; נידערטרעכטיגקייט.

lithe'some *a.* (לאיטה'-סאם) עטוואס געבויגען; בויגעדיג; שוואך; לייכט.

lithe'someness *n.* (לאיטה'-סאם-נעס) דאס זיין עטוואס געבויגען; בויגזאמקייט, צארטקייט.

lith'ia *n.* (ליטה'-אי-א) — אין כעמיע דאס ליטהיאן אדער ליטהיאום־אקסיד [א זויערשטאף־פערבינדונג מיט'ן מעטאל ליטהיאום]. ז. *lithium*.

lithi'asis *n.* (לי-טהאי'-ע-סיס) די שטיין־קראנקהייט [א געוויסע קראנקהייט, ביי וועלכער עס בילדען זיך אוים שטיינדלעך אין די אורין־ארגאנען אדער אין אנדערע טיילען פון קערפער].

lith'ic *a.* (ליטה'-איק) שטייניג, וואס בעשטעהט פון שטיין; וואס איז שייך צו די שטיינדלעך וואס בילדען זיך אוים אין פענכער אדער אין די אנדערע אורין־ארגאנען; וואס געהערט צו ליטהיאום. ז. *lithium*.

mag'ic lan'tern (מעדזש'-איק לענ'-טערן) א מאגישע לאנטערנע [אזא לאנטערנע צום פערגרעסערען קליינע בילדער, וועלכע ווערען רעפראדוצירט אויף א לייוואנד אדער ווייסער וואנד אין א פינסטערען צימער].



Magic Lantern

mag'ic mir'ror (מעדזש'-איק מיר'-אר) א צויבער-שפיגעל [אזא שפיגעל צו מאכען קונצען].

mag'ic mu'sic (מעדזש'-איק מיו'-זיק) דאס טרעפען דורך מוזיק [אזא שפיעל וואו א זאך ווערט בעהאלטען אין אן ארט און איינער דארף זי געפינען לויט די טענער פון מוזיק. ווען ער קומט צ. ב. נעהנטער צום בעהעלטעניש-ארט שפיעלט די מוזיק שנעלער, ווען ער דערווייטערט זיך — שפיעלט די מוזיק לאנגזאמער א. ז. וו.].

mag'ic square (מעדזש'-איק סקהווערר) דאס מאגישע צאהלען-פיער-עק [אזא פיער-עקיג קעסטעלע געטיילט אין קוואדראטען אין וועלכע עס זיינען אויסגעשטעלט ציפער אויף אזא אופן, דאס ווי מען זאל זיי ניט צונויפרעכענען, אין דער לענג, אין דער ברייט אדער שרעג, בעקומט מען אלץ דיעזעלביגע סומע.

1	16	11	6
13	4	7	10
8	9	14	3
12	5	2	15

Magic Square

magilp' *n.* (מע-גילפ') ליין-אויל-פערניץ [אזא אויל-לאק וואס ווערט געברויכט ביים פארבען אדער מאלען].

magis'ter *n.* (מע-דזשיס'-טער) א מאגיסטער [אן אקאדעמישער טיטול, וואס איז אונגעפעהר ווי דער טיטול דאקטאר].

magiste'rial *a.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על) ווי א לעהרער; בעפעהלעריש, געביטעריש; דיקטאטאריש; שטאלץ, הויכמוטיג; וואס איז שייך צו א מאגיסטראט; וואס איז שייך צו א כעמישער פערבינדונג פון צוויי פליסיגקייטען, וועלכע זיינען פערשיעדען אין זייער כאראקטער.

magiste'rially *adv.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על-אי) אויף דעם אופן פון א לעהרער; געביטעריש, בעפעהלעריש; אזוי ווי א מאגיסטראט.

magiste'rialness *n.* (מעדזש-איס-טי'-רי-על-נעס) דאס זיין בעפעהלעריש אדער געביטעריש.

magiste'rium *n.* (מעדזש-איס-טי'-רי-אם) אין אלכעמיע — דער שטיין פון די פילאזאפען [אבן החכמים] מיט וועלכען מען קען, לויט ווי מען האט געגלויבט, אלע מעטאלען פערוואנדלען אין גאלד; א בעהויפטונג, ערקלערונג אדער בעפעהל פון אן אויטאריטעט אדער מאכט.

mag'istery *n.* (מעדזש'-איס-טע-רי) א בעהויפטונג, ערקלערונג אדער בעפעהל פון אן אויטאריטעט אדער מאכט; אין אלכעמיע — דער שטיין פון פילאזאפען [אבן החכמים] מיט וועלכען, לויט ווי מען האט געגלויבט, מען קען פערוואנדלען אלע מעטאלען אין גאלד; א כעמי-

שע פערבינדונג פון צוויי פליסינקייטען
פון פערשיעדענעם כאראקטער.

mag'istracy *n.* (מערזש'-איס-טרע-סי)
דאס אמט אדער די ווירדע פון א מא=
גיסטראט; די קערפערשאפט פון מאגיס=
טראטען.

mag'istral *a. and n.* (מערזש'-איס-
טרעל) ווי א לעהרער; ווי א מאגיס=
טראט; בעפעהלעריש, געביטעריש; וואס
איז ספעציעל פערשריבען געווארען אדער
צונויפגעשטעלט געווארען אלס רעצעפט
[וואס מען בעקומט ניט אין אפטייק פאר=
טיג]; אין פעסטונגס=ווערק — די גאר=
טעל=ליניע אדער די גרונד=ליניע [די לי=
ניע פון וועלכער אלע בעפעסטיגטע פלע=
צער ווערען בעצייכענט]; פּאָלווערייזיר=
טעם קופּער וואס ווערט געטריקענט אין
דער לופט צו מישען מיט זילבער; א בע=
אמטער אין א קירך אדער קאטעדראלע,
וועלכער דארף האלטען א געוויסען קורס
פון דרשות.

mag'istral line (מערזש'-איס-טרעל
לאין) אין פעסטונגס=ווערק — די גאר=
טעל=ליניע אדער די גרונד=ליניע [די לי=
ניע פון וועלכער אלע בעפעסטיגטע פלע=
צער ווערען בעצייכענט].

mag'istral meth'od (מערזש'-איס-
טרעל מעטה'-אד) די אונטעררריכטס=מע=
טאדע פון א שוהל=לעהרער; דאס לערנען
פעסטגעשטעלטע ווארהייטען.

mag'istrate *n.* (מערזש'-איס-טרייט) א
מאגיסטראט [אן אדמיניסטראטיווער בע=
אמטער, ווי א גובערנאטאר, א שטאדט=
הויפט א. ד. ג.]; א פאליציי=ריכטער; א
פריעדענס=ריכטער.

magistrat'ic *a.* (מערזש-איס-טרעט'-
איק) וואס האט די אויטאריטעט פון א
מאגיסטראט; וואס איז שייך צו א מא=
גיסטראט. ז. ***magistrate***

magistrat'ical *a.* (מערזש-איס-טרעט'-
אי-קעל) ז. ***magistratic***

mag'ma *n.* (מעג'-מא) דער געדיכטער
עקסטראקט וואס עס בלייבט פון דעם
זאפט, וועלכער ווערט אויסגעדריקט פון
געוויסע שטאפען; א זאלב; די גרונד=
מאסע אדער באזיס פון א פעלז.

Mag'na Char'ta (מעג'-נא קאר'-טא)
די גרויסע כארטא [דער דאקומענט, וואס
דער ענגלישער קעניג דזשאהן איז גע=
צוואונגען געווען ארויסצוגעבען אין יאהר
1215. דיעזער דאקומענט, וואס דיענט
אלס דער באזיס פון דער ענגלישער פריי=
הייט, בעשרענקט די רעכטען און מאכט
פון קעניג און גאראנטירט די פערזענלי=
כע פרייהייטען און רעכטען פון די ביר=
גער]; א קאנסטיטוציאן וואס זיכערט
די רעכטען און פרייהייטען פון די ביר=
גער.

magnan'erie *n.* (מענ-יענ'-ע-ריע) א
פלאץ, וואו מען האדעוועט זייד=ווערים;
דאס האדעווען אדער קולטיווירען זייד=ווע=
רים.

magnan'imate *v.* (מעג-נענ'-אי-מייט)
מאכען גרויסמוטיג אדער עדעלמוטיג.

magnanim'ity *n.* (מעג-נע-נימ'-אי-
טי) גרויסמוטה, עדעלמוטה.

The conquered army was treated with **magnanimity.**

magnan'imous *a.* (מעג-נענ'-אי-מאס)
גרויסמוטיג, עדעלמוטיג.

magnan'imously *adv.* (מעג-נענ'-
אי-מאס-לי) אויף א גרויסמוטיגען אדער
עדעלמוטיגען אופן.

mag'nate *n.* (מעג'-נייט) א מאגנאט;
אן אדעלמאן; א הויך=געשטעלטע פער=
זאן; א בעהערשער פון גרויסע רייכטי=
מער; א מיטגליעד פון דעם אויבערשטען
הויז פון דעם אונגארישען פארלאמענט.

magne'sia *n.* (מעג-ני'-שיא) מאגנע=
זיע [אזא ווייסער ערד=פולווער וועלכער
ווערט געברויכט אין דער מעדיצין אלס
אן אבפיהרונגס=מיטעל].

magne'sian *a.* (מעג-ני'-שי-ען) וואס
איז שייך צו מאגנעזיע אדער וואס האט
די אייגענשאפטען פון מאגנעזיע.

mag'nesite *n.* (מעג'-ני-סאיט) מאגנע=
זיט [נאטירליכער מאגנעזיום=קארבאנאט,
א מינעראל וועלכער געפינט זיך אין
ווייסע קאמפאקטע מאסען].

magne'sium *n.* (מעג-ני'-שיאם) מאג=
נעזיום [איינער פון די כעמישע גרונד=
עלעמענטען. אזא זילבער=ווייסער לייכטער
מעטאל, וואס גיט א זעהר העלעם ליכט
ווען עס ווערט אנגעצונדען און ווערט
בענוצט ביים אויפנעהמען פאטאגראפיעס
ביי נאכט].

mag'net *n.* (מעג'-נעט) א מאגנעט.

magnet'ic *a. and n.* (מעג-נעט'-איק)
מאגנעטיש; וואס האט מאגנעטישע איי=
גענשאפטען; צוציהענד; וואס איז שייך
צו דער מאגנעטישער קראפט פון דער
ערד; א מעטאל וואס קען געמאכט ווערען
מאגנעטיש.

magnet'ical *a.* (מעג-נעט'-אי-קעל)
מאגנעטיש.

magnet'ically *adv.* (מעג-נעט'-אי-
קעל-אי) דורך מאגנעטיזם; אויף א מאג=
נעטישען אופן.

magnet'icalness *n.* (מעג-נעט'-אי-
קעל-נעס) דאס זיין מאגנעטיש; די מאג=
נעטישע קראפט.

magnet'ic curves (מעג-נעט'-איק
קירווז) מאגנעטישע ליניען [די געבוי=
גענע ליניען וועלכע ווערען פארמירט פון
אייזען=שטויב, וואס געפינט זיך אויף א
פאפיער אונטער וועלכען עס ווערט גע=
האלטען א מאגנעט].



Magnetic Curves

magnet'ic den'sity (מעג-נעט'-איק
דענ'-סי-טי) מאגנעטישע געדיכטקייט
[די מאס מאגנעטיזם וואס איז קאנצענ=
טרירט אויף אן איינהייטס=פלעכע, ווי
אויף א קוואדראט צענטימעטער אדער א
קוואדראט צאל א. ד. ג.].

magnet'ic field (מעג-נעט'-איק פיעלד)
א מאגנעטישעס פעלד [א פלאץ וועלכער
געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון א
מאגנעט אדער וואו א דראט מיט אן
עלעקטרישען שטראם געהט דורך].

magnet'ic force (מעג-נעט'-איק
פאורס) די מאגנעטישע קראפט [די
קראפט וואס הערשט צווישען די מאגנע=
טישע פאלען].

magneti'cian *n.* (מעג-נע-טיש'-ען)
א קענער אין מאגנעטיזם.

magnet'ic induc'tion (מעג-נעט'-
איק-דאק'-שאן) מאגנעטישע אינדוקציאן
[די קראפט וואס א מאגנעט אדער אן
עלעקטרישער שטראם בעזיצט ארויסצורו=
פען מאגנעטיזם אין אנדערע קערפער
וועלכע געפינען זיך אין זייער נאהנט=
קייט אבער ניט אין בעריהרונג].



Magnetic Induction

magnet'ic lim'it (מעג-נעט'-איק לימ'-
איט) די מאגנעטישע גרענעץ [דער טעמ=
פעראטור=פונקט ביי וועלכען א מאגנעטי=
שער מעטאל פערליערט זיינע מאגנעטישע
פעהיגקייטען: ביי אייזען — ווען עס
ווערט דערהיצט ביז העל=רויט; ביי ני=
קעל — ווען די טעמפעראטור דערגרייכט
ארום 350 גראד צעלזיום].

magnet'ic nee'dle (מעג-נעט'-איק
ניעדל) א מאגנעט=נאדעל [א שטיקעל
דינע מאגנעטישע שטאל וואס דרעהט זיך
אין דער מיטען אויף א שפּיץ פון א נא=
דעל ווי אין קאמפאס צ. ב.].



Magnetic Needle

magnet'icness *n.* (מעג-נעט'-איק-נעס)
ז. ***magneticalness***

magnet'ics *n.* (מעג-נעט'-איקס) די ווי=
סענשאפט פון מאגנעטיזם.

mag'netisable *a.* (מעג'-נע-טאי-זעבל)
ז. ***magnetizable***

magnetisa'tion *n.* (מעג-נע-טי-זיי'-
שאן) ז. ***magnetization***

mag'netise *v.* (מעג'-נע-טאיז)
ז. ***magnetize***

mag'netism *n.* (מעג'-נע-טיזם) מאגנע=
טיזם, מאגנעט=קראפט; די וויסענשאפט
וואס פערנעהמט זיך מיט די אייגענשאפ=
טען פון מאגנעט; צוציהונגס=קראפט.

mag'netist *n.* (מעג'-נע-טיסט)
ז. ***magnetician***

magnetizabil'ity *n.* (מעג-נע-טאי-
זע-ביל'-אי-טי) די אייגענשאפט מאגנע=
טיזירט צו ווערען.

mag'netizable *a.* (מעג'-נע-טאי-זעבל)
וואס קען מאגנעטיזירט ווערען.

magnetiza'tion *n.* (מעג-נע-טי-זיי'-
שאן) מאגנעטיזירונג.

mag'netize *v.* (מעג'-נע-טאיז) מאגנע=
טיזירען, מאכען מאגנעטיש; צוציהען ווי
מיט א מאגנעט.

mag'netizer *n.* (מעג'-נע-טאי-זער)
א מאגנעטיזירער.

mag'neto-elec'tric *a.* (מעג'-נע-טאו-
אי-לעק'-טריק) עלעקטרא=מאגנעטיש.

mag'neto-elec'trical *a.* (מעג'-נע-
טאו-אי-לעק'-טרי-קעל)
ז. ***magneto-electric***

mag'neto-electric'ity *n.* (מעג'-נע-טאו-אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטראמאגנעטיזמוס, עלעקטריציטעט וואס ווערט ארויסגערופען דורך מאגנעטיזם; די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט די אייגענשאפטען פון עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם אין זייער פערבינדונג.

magnet'ograph *n.* (מעג-נעט'-א-גרעף) א מאגנעטאגראף [אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די קראפט פון א מאגנעט אדער די מאגנעטישע קראפט פון דער ערד].

magnetom'eter *n.* (מעג-נע-טאמ'-ע-טער) א מאגנעטאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען מאגנעטישע קראפט.

magnetom'etry *n.* (מעג-נע-טאמ'-ע-טרי) דאס מעסטען די שטארקייט פון א מאגנעט אדער די מאגנעטישע קראפט פון דער ערד.

magnetomo'tive *a.* (מעג-נע-טא-מאו'-טיוו) וואס פראדוצירט אקטיווע מאגנעטישע ווירקונגען.

mag'nifiable *a.* (מעג'-ני-פאי-עבל) וואס קען פערגרעסערט ווערען.

magnif'ic *a.* (מעג-ניפ'-איק) וואס מאכט גרויס אדער בעריהמט; גרויסארטיג, פרעכטיג, הערליך.

magnif'ical *a.* (מעג-ניפ'-אי-קעל) ז. *magnific*

magnif'ically *adv.* (מעג-ניפ'-אי-קעל-אי) אויף א גרויסארטיגען אדער פרעכטיגען אופן; מיט פראכט, מיט גלאנץ.

Magnif'icat *n.* (מעג-ניפ'-אי-קעט) דער לויב=געזאנג פון דער הייליגער מאריע.

magnifica'tion *n.* (מעג-ני-פי-קיי'-שאן) די פערגרעסערונג; די פערגרעסערונג דורך א מיקראסקאפ.

magnif'icence *n.* (מעג-ניפ'-אי-סענס) גרויסארטיגקייט, פראכט, הערליכקייט; א טיטול פון הויכע בעאמטע אין אלטען רוים, ווי אויך נאך איצט אין דייטשלאנד פון א רעקטאר אין אן אוניווערזיטעט און פון אנדערע העכערע אוניווערזיטעטס=בעאמטע.

magnif'icent *a.* (מעג-ניפ'-אי-סענט) גרויסארטיג, פרעכטיג, הערליך.
The audience witnessed a **magnificent** production of the play.

magnif'icently *adv.* (מעג-ניפ'-אי-סענט-לי) אויף א פרעכטיגען אדער גרויסארטיגען אופן; מיט פראכט, מיט גלאנץ; פרעכטיג, גלענצענד, הערליך.

magnif'ico *n.* (מעג-ניפ'-אי-קאו) אן אמאליגער טיטול פאר אן אדעליגען פון דער ווענעציאנער רעפובליק; א הויךגעשטעלטע פערזאן; א ביי=נאמען פאר א רעקטאר פון אן אוניווערזיטעט אין דייטשלאנד.

mag'nifier *n.* (מעג'-ני-פאי-ער) עפעס וואס פערגרעסערט; א פערגרעסערער; א פערגרעסערונגס=גלאז.

mag'nify *v.* (מעג'-ני-פאי) פערגרעסערען; לויבען, ריהמען; מגזם זיין, איבערטרייבען.

mag'nifying-glass *n.* (מעג'-ני-פאי-אינג-גלעס) א פערגרעסערונגס=גלאז.

mag'nifying-lens *n.* (מעג'-ני-פאי-אינג-לענז) א פערגרעסערונגס=לינז [א פערגרעסערונגס=גלאז].

magnil'oquence *n.* (מעג-ניל'-א-קהווענס) באמבאסטיק [דאס געברויכען הויכע פראזען אין ריידען אדער שרייבען].

magnil'oquent *a.* (מעג-ניל'-א-קהווענט) באמבאסטיש.

magnil'oquently *adv.* (מעג-ניל'-א-קהווענט-לי) אויף א באמבאסטישען שטייגער.

mag'nitude *n.* (מעג'-ני-טיוד) די גרויס אדער די מאס פון עפעס; וויכטיגקייט; בעדייטונג; אין מאטעמאטיק—א מעסטבארע גרעסע; די אייגענשאפט פון האבען א מעסטבארע גרויס אדער מאס; די העלקייט פון א שטערען לויט דעם נומערישען סיסטעם, וואס ווערט געברויכט אין אסטראנאמיע פאר דיעזען צוועק.

Magno'lia *n.* (מעג-נאו'-לי-א) דער מין מאגנאליע בוימער [אזא שעהנער ציערליכער מין בוימער מיט זעהר שעהנע בלומען].

Magnolia

mag'num *n.* (מעג'-נאם) אזא גרויסע וויין=פלאש [מייסטענס א צוויי=קווארטיגע]; די מאס וויין וואס אזא פלאש ענטהאלט.

mag'ot *n.* (מעג'-אט) די בערבערישע אדער טערקישע אפע [מאלפע]; א קליינע קאמישע מענשען=פיגור, ווי זי געפינט זיך אין די כינעזישע אדער אנדערע אריענטאלישע קונסט=זאמלונגען.

mag'pie *n.* (מעג'-פאי) אן עלסטער, א סאראקע [א גוט=בעקאנטער שווארצער פויגעל מיט א ווייסען בייכעל]; א האלבע פעני [אין ענגלאנד].

Magpie

mags'man *n.* (מעגז'-מען) א גאסען=שווינדלער וואס נארט אריין דארפס=פויערים, וועלכע קומען אין שטאדט.

maguey' *n.* (מע-גהוויי') דער אמעריקאנער אלאען=בוים.

Ma'gus *n.* (מיי'-גאס) א מאגיקער [איינער פון דער פריסטער און געלעהרטען=קאסטע אין אלטען פערזיען]; איינער פון די דריי חכמי=קדם [ווערען אויך גערופען די דריי קעניגע] וואס זיינען געקומען, לויט דער געשיכטע פון דער קריסטליכער רעליגיאן, צו בעגריסען די געבורט פון קריסטוס.

Magyar' *n.* (מע-דזשאר') א מאגיאר, אן אונגאר; די אונגארישע שפראך.

ma'haleb *n.* (מא'-הע-לעב) די ווייקסעלקארש [אזא מין קארש פון וויאלעטען=פארב].

mahara'ja *n.* (מע-הא-רא'-דזשא) א פראמינענטער אינדישער פרינץ; אן אפיציעלער רעליגיאנס=לעהרער ביי די הינדוסען.

mahara'jah *n.* (מע-הא-רא'-דזשא) ז. *maharaja*

Mah'di *n.* (מא'-די) מאהדי, דער מאכמעדאנישער משיח.

Mah'dian *n.* (מא'-די-ען) איינער וואס גלויבט, אז דער מאכמעדאנישער משיח מאהדי איז ערשיענען און ווארט נור אויף דעם ריכטיגען מאמענט, ווען זיך צו בעוויזען.

Mah'diism *n.* (מא'-די-איזם) דאס גלויבען אין דעם קומען פון דעם מאכמעדאנישען משיח, מאהדי.

mahl'stick *n.* (מאל'-סטיק) אזא שטעקען מיט א פילקע אויף איין ענד, וואס מאלער בענוצען אנצושפארען די האנד ביים מאלען.

mahog'anize *v.* (מע-האג'-ע-נאיז) מאכען אזוי ווי מאהאגאניע=האלץ, פארבען אזוי, אז עס זאל אויסזעהן ווי מאהאגאניע=האלץ.

mahog'any *n.* (מע-האג'-ע-ני) א מאהאגאניע=בוים; מאהאגאניע=האלץ [אזא טייערער זארט האלץ פון רויטליך=ברוינעם קאליר. ווערט בענוצט צו מאכען מעבעל, צו צימער=פערציערונגען א. ד. ג]; א טיש, א שפייז=טיש.

Mahogany

mahog'any-col'or *n.* (מע-האג'-ע-ני-קאל'-אר) מאהאגאניע=קאליר [רויט=ברוין].

Mahom'edan *a. and n.* (מא-האמ'-ער-ען) ז. *Mohammedan*

Mahom'etan *n. and a.* (מע-האמ'-עט-ען) ז. *Mohammedan*

Mahom'etanism *n.* (מע-האמ'-עט-ען-איזם) ז. *Mohammedanism*

Mahom'etanize *v.* (מע-האמ'-עט-ען-איז) ז. *Mohammedanize*

mahone' *n.* (מע-האון') אזא לאנגע טערקישע בארזשע אדער טראנספארט=שיף.

mahoun' *n.* (מע-האון') א שרעקליכע בעשעפעניש; א שד, א ניט=גוטער.

mahound *n.* (מע-האונד) ז. *mahoun*

mahout' *n.* (מע-האוט') א פיהרער פון אן עלעפאנט [אין אינדיען].

Mahrat'i *n.* (מע-ראט'-אי) די שפראך פון די מאראטאס. ז. *Mahratta*

Mahrat'ta *n.* (מע-ראט'-א) א מאראטא [א מיטגליעד פון א געוויסער הינדוסען ראסע, וועלכע געפינט זיך אין וועסט און צענטראל=אינדיען]; די שפראך פון די מאראטאס.

maid *n.* (מייד) א מיידעל, א יונגפרוי; א דיענסט; אזא פיש.

mai'den *n. and a.* (מיידן) א מיידעל, א יונגפרוי; א דיענסטמיידעל; א יונגע חיה; א נייע זאך אדער עטוואס אזעלכעס

וואס איז נאך ניט בענוצט געווארען; אן אינסטרומענט וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען צום קעפען פער'משפט'ע צום טויט; א פראלניק [אזא דיק האלץ=ברעטעל מיט א הענטעל צום קלאפען וועש ביים וואשען]; מיידעלש: יונגפרויליך; יונג, פריש, ניי; אונבענוצט; אונבעפלעקט, ריין; ערשט.

mai'den assize' (מיידן ע-סאיז') א קרימינאל=געריכט וואס האט קיינעם צום טויט ניט פעראורטיילט.

mai'den bat'tle (מיידן בעטל) דער ערשטער קאמפף, דער ערשטער שטרייט.

mai'denhair *n.* (מיי'דנ-העהר) דאס פרויען=האר [אזא פארן=פלאנצע וועלכע וואקסט אין פייכטע פעלזיגע ערטער].

mai'denhead *n.* (מיי'דנ-העד) יונגפרוי=שאפט; יונגפערשאפט, בתולים.

mai'denhood *n.* (מיי'דנ-הוד) יונגפרוי=שאפט; יונגפערשאפט; מיידעלשאפט.

mai'den-like *a.* (מיי'דנ-לאיק) מיי=דעלש, יונגפרויליך, ווי א מיידעל; אלס מיידעל; בעשיידען, שעמעוודיג.

mai'denliness *n.* (מיי'דנ-לי-נעס) יונג=פרויליכקייט: די צניעות אדער בעשיידענהייט פון א מיידעל.

mai'denly *a. and adv.* (מיי'דנ-לי) מיידעלש; בעשיידען, צניעות'דיג; אזוי ווי א מיידעל; אויף א בעשיידענעם אדער צניעות'דיגען אופן.

mai'den-meek *a.* (מיי'דנ-מיעק) זאנפט, מילד ווי א מיידעל.

mai'den name (מיידן ניים) דער מיי=דעלשער נאמען [פון א פערהייראטער פרוי].

Mrs. Cohen's **maiden name** was Abrams.

mai'den-pink *n.* (מיי'דנ-פינק) די יונגפערן=נעלקע [אזא בלום].

mai'den-plum *n.* (מיי'דנ-פלאם) אזא וועסט=אינדישע פלאנצע, וועלכע גיט ארויס פון זיך א קלעפיגען זאפט פון וועלכען עס ווערט א שווארצע פארב וועז ער ווערט געבראכט אין דער פרייער לופט.

mai'den speech (מיידן ספיעטש) א יונגפערן=רעדע, אן ערשטלינגס=רעדע [בעזאנדערס פון א נייעם פארלאמענט=מיטגליעד].

mai'den stakes (מיידן סטייקס) דער ערשטער געלד=וועט וואס א יונג פערד געווינט אין זיין ערשטען וועט=לויף.

mai'den-tongued *a.* (מיי'דנ-טאנגד) מיט א זאנפטער שטימע [ווי א מיידעל].

mai'den-wid'owed *a.* (מיי'דנ-הוויד'-אוד) וואס איז געבליבען אן אלמנה זייענדיג נאך א בתולה.

maid'hood *n.* (מייד'-הוד) ז. *maidenhood*.

Maid'-mar'ian *n.* (מייד'-מער'-אי-ען) די מאי=קעניגין [אין אמאליגע אלטע שפיעלען]; א מאנספערזאן פערקליידעט אין פרויען=קליידער; א קאמיקער; א פרעכע פרוי; אזא טאנץ.

Maid Mar'ian (מייד מער'-אי-ען) ז. *Maid-marian*.

maid of hon'or (מייד אוו אנ'-אר) א הויף=דאמע ביי א קעניגין אדער פרינצעסין; אן עהרען=דאמע אויף א חתונה [די דאמע, וועלכע בעגלייט די כלה צו דער חופה=צערעמאניע].

Maid of Or'leans (מייד אוו אר'-לי-ענז) די יונגפרוי פון ארלעאנס [די פראנצויזישע נאציאנאלע העלדין זשאנא ד'ארק, געבארען אין יאהר 1412, וועלכע האט, אלס א מיידעל פון 17 יאהר, א טאכטער פון א פויער, אנגעפיהרט די פראנצויזישע ארמעע אין קאמפף מיט די ענגלענדער און האט זיי בעזיעגט. שפעטער איז זי אריינגעפאלען אין געפאנגענשאפט ביי די ענגלענדער, וועלכע האבען זי אין יאהר 1431 פערברענט אלס מכשפה. זשאנא ד'ארק צעהלט זיך צווישען די הייליגע פון דער פראנצויזישער קירך].

maid'-pale *a.* (מייד'-פייל) בלייך, בלאס.

maid'-ser'vant *n.* (מייד'-סויר'-וועגט) א דיענסטמיידעל.

mail *n. and v.* (מייל) פאסט; זאכען וואס ווערען געשיקט דורך פאסט; א פאסט=זאק; א טשעמאדאן; א פאנצער געפלאכטען פון רינגעלעך; א פאנצער, א שטארקע שוץ=דעקע; איבערגעבען צו דער פאסט אבצושיקען; שיקען דורך פאסט. אריינווארפען אין בריעף=קאסטען; אנטהאן א פאנצער; בעדעקען מיט א פאנצער.

mail'able *a.* (מייל'-עבל) וואס מען קען שיקען דורך פאסט.

mail'-bag *n.* (מייל'-בעג) א בריעף=זאק, א פאסט=זאק.

mail'-box *n.* (מייל'-באקס) א בריעף=קאסטען, א פאסט=קאסטען.

mail'-car *n.* (מייל'-קאר) א וואגאן פון אן אייזענבאהן אין וועלכען עס ווערט געפיהרט די פאסט.

mail'-car'rier *n.* (מייל'-קער'-אי-ער) א בריעף=טרעגער, א פאסטאליאן.

mail'-cart *n.* (מייל'-קארט) א פאסט=וואגען.

mail'-clad *a.* (מייל'-קלעד) בעפאנצערט; געשיצט דורך א פאנצער.

mail'-coach *n.* (מייל'-קאוטש) א פאסט=וואגען.

mailed *a.* (מיילד) וואס האט א פאנצער [וועגען געוויסע חיות, ווי א שילדקרעט א. ד. ג.].

mai'ler *n.* (מיי'-לער) איינער וואס פערפערטיגט און פערפאקט צום אבשיקען פאסט=זאכען; אן אדרעס=מאשין.

mail'-guard *n.* (מייל'-גארד) א פאסט=קאנדוקטאר, א פאסטאליאן.

mai'ling-machine' *n.* (מיי'-לינג-מע-שין') אן אדרעס=מאשין.

mai'ling-ta'ble *n.* (מיי'-לינג-טיי'בל) א טיש אין א פאסט=קאנטאר, אויף וועלכען עס ווערען זארטירט די בריעף.

mail'-mas'ter *n.* (מייל'-מעס'-טער) א פאסט=בעאמטער.

mail'-mat'ter *n.* (מייל'-מעט'-ער) פאסט=זאכען [זאכען, וועלכע ווערען געוועהנליך געשיקט דורך פאסט, ווי בריעף, צייטונגען א. ד. ג.].

mail'-or'der *n.* (מייל'-אר'-דער) א פאסט=בעשטעלונג [א בעשטעלונג אויף סחורה וואס ווערט ערהאלטען דורך פאסט].

mail'-or'der house (מייל'-אר'-דער האוס) א געשעפטס=הויז פאר איינצעלפערקויף, וואס קריעגט די בעשטעלונגען און שיקט זיי ארויס דורך פאסט.

mail'-route *n.* (מייל'-רוהט) א פאסט=וועג [דער וועג מיט וועלכען די פאסט ווערט געפיהרט אין די ערטער וואו קיין אייזענבאהנען זיינען ניטא].

mail'-sack *n.* (מייל'-סעק) ז. *mail-bag*.

mail'-stage *n.* (מייל'-סטיידזש) ז. *mail-coach*.

mail'-stea'mer *n.* (מייל'-סטיע'-מער) א פאסט=דאמפפער [א דאמפפער מיט וועלכען מען פיהרט די פאסט].

mail'-train *n.* (מייל'-טריין) א פאסט=צוג [אן אייזענבאהן=צוג מיט וועלכען מען פיהרט פאסט].

maim *v. and n.* (מיים) פערקריפלען; דאס קאליעטשען; א פערקריפלונג.

mai'medly *adv.* (מיי'-מעד-לי) אויף א צוקאליעטשעטען אדער פערקריפעלטען אופן.

mai'medness *n.* (מיי'-מעד-נעס) דאס זיין צוקאליעטשעט אדער פערקריפעלט.

main *n. and a.* (מיין) קראפט, מאכט, געוואלט; דער הויפט=טייל, דער גרעסטער טייל; א ווייטע שטרעקע, דער אפענער ים, א קאנטינענט [א גרויס שטיק יבשה]; א הויפט=קאנאל, רעהר א. ז. וו.; וועט=קאמפף פון העהנער; א לאפעטקע צו שארען געלד [אין באנקען]; הויפט, וואס איז דאס גרעסטע אדער דאס וויכטיגסטע; פול, גאנץ [וועגען קראפט].

main'-bod'y *n.* (מיינ'-באד'-אי) דער הויפט=קארפוס [פון אן ארמעע]; דער מיטעלסטער טייל פון א שיף.

main'-boom *n.* (מיינ'-בוהם) דער גרויסער מאסט=בוים אויף א סקונער [אזא שיף].

main chance (מיין טשענס) דער הויפט=שאנס; די הויפט=וואהרשיינליכקייט; דער הויפט=ציעל וואס מען דארף אין זינען האבען; דער הויפט פערזענליכער נוצען אדער פארטייל.

main'-coup'le *n.* (מיינ'-קאפל) דער הויפט=באלקען פון א דאך.

main'-deck *n.* (מיינ'-דעק) דער הויפט=דעק פון א שיף [אויף קריעגס=שיפען — דער טייל, וואו עס געפינען זיך די קאנאנען; אויף אנדערע שיפען — דער מיטען פון דעם אויבערשטען דעק].

main'-ham'per *n.* (מיינ'-העמ'-פער) א פרוכט=קארב.

main'land *n.* (מיינ'-לענד) א קאנטינענט, די הויפט=יבשה [אין געגענזאץ צו אינזלען].

main'-link *n.* (מיינ'-לינק) די פערבינדונג צווישען דעם קורבעל=שטאנג פון א דאמפף=מאשין מיט דעם קאלבען=שטאנג.

main'ly *adv.* (מיינ'-לי) 1. הויפטזעכליך; 2. מיט קראפט, מיט מאכט, מיט געוואלט.

1. Some districts in the city are **mainly** inhabited by foreigners.

main'mast *n.* (מיינ'-מעסט) דער הויפט=מאסט, דער גרעסטער מאסט [אויף א שיף].

main opin'ion (מיין א-פינ'-יאן) די הערשענדע מיינונג.

mai'nor *n.* (מיי'-נאר) א גנבה וואס מען כאפט ביי דער האנד; א גנבה געפונען ביים גנב; גנבה.

main'-road *n.* (מיינ'-ראוד) דער הויפט=וועג, דער טראקט, א שאסע.

main'royal *n.* (מיינ'-ראי-על) דער אויבערשטער זעגעל אויף דער הויפט=מאסט.

main'sail *n.* (מיינ'-סייל) דאס הויפט=זעגעל, דאס גרעסטע זעגעל פון א שיף.

main sea (מיין סיע) דער אפענער ים, דער ברייטער אקעאן.

main'spring *n.* (מיינ'-ספרינג) די הויפט פרוזשינע פון א מעכאניזם; די שפרינג=פעדער [פון א זייגער]; די הויפט=קראפט; די הויפט=אורזאכע.

main'stay *n.* (מיינ'-סטיי) 1. א שטריק

וואס בעפעסטיגט די הויפט-מאסט פון א שיף; 2. די הויפט-שטיצע.
2. The support of his friends is the **mainstay** of his popularity.

main'swear *v.* (מיינ'–סהוועהר) שווערן פאלש.

maintain' *v.* (מיינ-טיין') 1. האלטען; אנהאלטען; אויסהאלטען, בעזארגען [מיט חיונה]; 2. אונטערהאלטען, אונטערשטיצען; פערטיידיגען; בעהויפטען.
1. The lad is working hard to **maintain** his widowed mother. 2. I **maintain** that my opinion is the right one.

maintai'nable *a.* (מיינ-טיי'-נעבל) וואס מען קען אנהאלטען; וואס קען אויסגעהאלטען ווערען מיט חיונה; וואס קען געשטיצט אדער פערטיידיגט ווערען; וואס קען בעהויפטעט ווערען.

maintai'ner *n.* (מיינ-טיי'-נער) א האלטער, אן אונטערהאלטער, אן אונטערשטיצער, א פערטיידיגער; איינער וואס האלט אויס, בעזארגט מיט חיונה.

maintai'nor *n.* (מיינ-טיי'-נאר) איינער וואס אונטערשטיצט, געגען די אינטערעסען פון דער גערעכטיגקייט, איינעם פון די צדדים וואס לאדען זיך אין געריכט; איינער וואס שטערט דער גערעכטיגקייט.

main'tenance *n.* (מיינ'-טע-נענס) האלטונג, אנהאלטונג; אויסהאלטונג, פערזארגונג [מיט חיונה]; חיונה; פערטיידיגונג, בעשיצונג; דאס אונטערשטיצען, געגען די אינטערעסען פון דער גערעכטיגקייט, איינעם פון די צדדים וואס לאדען זיך אין געריכט; דאס שטערען דער גערעכטיגקייט.

main'top *n.* (מיינ'-טאפ) דער גרויס-מארס [א פלאטפארמע אויף דעם שפיץ פון דעם הויפט מאסט אויף א שיף].

main'topmast *n.* (מיינ'-טאפ-מעסט) דער גרויס-מארס-שטאנג [אויף א שיף].

main'-yard *n.* (מיינ'-יארד) דער שטאנג, אויף וועלכען דאס הויפטזעגעל איז אנגעצויגען.

maio'lica *n.* (מא-יאו'-לי-קא) ז. *majolica*.

maî'tre *n.* ((מייטר)) א בעל-הבית.

maize *n.* (מייז) מאאיס, קוקורוזע, טערקישע ווייץ; אזא פארב [פארבט זייד און וואל אין רויטליך-געל].

Maize

Maj. אבקירצונג פון *Major* [מאיאר].

majes'tic *a.* (מע-דזשעס'-טיק) מאיעסטעטיש, פיל מיט ווירדע, ערהאבען.

majes'tical *a.* (מע-דזשעס'-טי-קעל) ז. *majestic*.

majes'tically *adv.* (מע-דזשעס'-טי-קעל-אי) אויף א מאיעסטעטישען אופן, מאיעסטעטיש; פול מיט ווירדע, ערהאבען.

majes'ticalness *n.* (מע-דזשעס'-טי-קעל-נעס) מאיעסטעטישקייט, ווירדע, ווירדיגקייט, ערהאבענהייט.

maj'esty *n.* (מעדזש'-עס-טי) מאיעסטעט, ווירדע, ערהאבענהייט.

Maj.-Gen. אבקירצונג פון די ווערטער *Major-General*

majol'ica *n.* (מע-דזשאל'-אי-קא) מאיאליקא [ערדענע כלים בעדעקט מיט פארביגע פיגורען].

ma'jor *a., n. and v.* (מיי'-דזשאר) גרעסער, וויכטיגער; הויפט; וואס איז עלטער; מינדיג, פול-יעהריג; וואס איז שייך צום צע-דור טאנארט [דער געוועהנליכער טאנארט אין מוזיק]; אין לאגיק — ברייטער, אומפאסענדער, וואס דיענט אלס פארויסזעצונג; א מאיאר [אין מיליטער]; א פול-יעהריגער, א מינדיגער; דער צע-דור טאנארט; אין לאגיק — די פארויסזעצונג, דער אויבערזאץ אדער פאדערזאץ אין א סילאגיזם [ווי למשל, דער ערשטער זאץ פון דעם סילאגיזם: אלעם וואס לעבט מוז שטארבען; מענשען לעבען; פאלגליך מוזען מענשען שטארבען]; זיך האלטען ווי א קאמאנדיר אדער אויף א מיליטערישען אופן.

ma'jorate *n.* (מיי'-דזשאר-אייט) ז. *majorship*.

majordo'mo *n.* (מיי-דזשאר-דאו'-מאו) א מאזשארדאם, דער הויפט-אויפזעהער אדער פערוואלטער פון א הויז-בעל-הבית'ישקייט [הויפטזעכליך פון א קעניגליכען הויף].

ma'jor-gen'eral *n.* (מיי'-דזשאר-דזשענ'-ע-רעל) א גענעראל-מאיאר.

ma'jor-gen'eralship *n.* (מיי'-דזשאר-דזשענ'-ע-רעל-שיפ) דאס אמט אדער דער טיטול פון א גענעראל-מאיאר.

ma'jor in'terval (מיי'-דזשאר אינ'-טער-וועל) דער גרויסער אינטערוואל, די צווישענצייט פון איין טאן ביז'ן צווייטען אין דעם צע-דור טאנארט. ז. *major*.

major'ity *n.* (מע-דזשאר'-אי-טי) 1. מאיאריטעט, די מעהרהייט, גרעסטער טייל [מעהר ווי העלפט]; 2. מינדיגקייט, פול-יעהריגקייט; 3. א מאיאר-אמט.
2. A man reaches his **majority** at 21.

major'ity par'ty (מע-דזשאר'-אי-טי פאר'-טי) די הערשענדע פארטיי.
The Republicans have been the **majority party** for many years.

major'ity-par'ty *n.* (מע-דזשאר'-אי-טי-פאר'-טי) אן אונטערהאלט, ווען איינער ווערט פול-יעהריג.

ma'jor key (מיי'-דזשאר קיע) די צע-דור טאנארט [אין מוזיק]. ז. *major*.

ma'jor mode (מיי'-דזשאר מאוד) ז. *major key*.

ma'jor prem'ise (מיי'-דזשאר פרעמ'-איס) דער פאדערזאץ אין א סילאגיזם וואס ענטהאלט דעם פרעדיקאט פון דעם שלוס [ווי דער פארערזאץ "מענשען זיינען שטערבליך" אין דעם סילאגיזם: מענשען זיינען שטערבליך, ברוך איז א מענש; פאלגליך: ברוך איז שטערבליך].

ma'jor proph'ets (מיי'-דזשאר פראפ'-עטס) די נביאים ישעיה, ירמיהו, יחזקאל און דניאל.

ma'jorship *n.* (מיי'-דזשאר-שיפ) דאס אמט אדער ראנג פון א מאיאר.

ma'jor term (מיי'-דזשאר טוירם) דער פרעדיקאט אין א שלוס פון א סילאגיזם. ז. *major premise*.

majus'cula *n.* (מע-דזשאס'-קיו-לא) ז. *majuscule*.

majus'cule *n.* (מע-דזשאס'-קיול) דער גרויסער אדער אנפאנגס-בוכשטאב [אין די פארצייטיגע גריכישע מאנוסקריפטען].

ma'kable *a.* (מיי'-קעבל) וואס קען געמאכט ווערען.

make *v. and n.* (מייק) מאכען, בילדען, שאפען, בעשאפען; ארויסברייגגען, פראדוצירען, פאבריצירען; אויפבויען, צוזאמענשטעלען; פארמירען, פערפאסען; פערוואנדלען, איבערמאכען; צוגרייטען, פערפערטיגען צום געברויך; אויסבילדען, ארויסרופען, פארשטעלען; ווירקען; צווינגען; ערווערבען, בעקומען; דורכגעהן, פערבייגעהן; דערווייזען א פאקט; צוקומען נעהנטער, בעווייזען זיך [וועגען א שיף]; בעשליסען, בערעכנען; ערגענצען, פערפאלקאמענען; מאכען א שלום; בעטראכטען; טהאן עפעס; פארלעגען אן ארבייט; פערשליסען, פערצאמען; בעוועגען זיך, ריכטען זיך; ערשיינען; פליסען; אויפהויבען זיך [וועגען וואסער]; דער געבוי, דאס געשטאלט, די פארם, דער פאסאן; די טבע, די נאטור אדער כאראקטער פון איינעם; די פראדוקציאן, די פאבריקאציאן; דאס מאכען, דאס ערווערבען.

make a back (מייק ע בעק) איינבויגען דעם רוקען צו לאזען אריבערשפרינגען איבער זיך.

make abate'ment (מייק ע-בייט'-מענט) געבען ראבאט; ארונטערלאזען פון פרייז.

make a bed (מייק ע בעד) פערבעטען דאס בעט.

make a board (מייק ע באורד) שווימען אין זיגזאגען [וועגען א שיף].

make abode' (מייק ע-באוד') וואהנען, האבען א וואהנונג.

make a cast (מייק ע קעסט) זוכען דעם סליאד פון א חיה [אין געיעג].

make account' of (מייק ע-קאונט' אוו) הויכשעצען.

make a cir'cuit (מייק ע סויר'-קיט) מאכען אן אומוועג; קרייזען; געהן ארום; אראבגעהן פון גלייכען וועג.

make a clean breast of (מייק ע קליען ברעסט אוו) אויפדעקען דאס הארץ, מתודה זיין זיך; ארונטערנעהמען א שטיין פון הארצען.

make a clean sweep (מייק ע קליען סהוויעפ) פאלשטענדיג אויסראמען אדער אויסקעהרען; אין פאליטיק — בעזיעגען די פארטייי אין מאכט; ארונטערווארפען פריהעריגע בעאמטע.

make a cour'tesy (מייק ע קויר'-טי-סי) זיך פערבויגען, זיך פערנייגען.

make acquain'tance (מייק ע-קהוויינ'-טענס) שליסען בעקאנטשאפט.

make acquain'ted with (מייק ע-קהוויינ'-טעד הוויטה) 1. נאכריכט געבען פון אימעצען אדער פון עטוואס; 2. בעקאנט מאכען, פארשטעלען.
2. Permit me to **make you acquainted with** Mr. Brown.

make a date (מייק ע דייט) בעשטימען א צייט אדער דאטום.
The lovers **made a date** to meet in the park.

make a depos'it (מייק ע די-פאז'-איט) 1. אריינטראגען אדער דעפאנירען געלד אין א באנק; 2. איינלעגען געלד; האנדגעלד געבען.
1. He **made a deposit** of two hundred dollars. 2. **Make a deposit** on the order or the goods will not be shipped.

make a dif'ference (מייק ע דיפ'-

ע-רענס) מאכען אן אונטערשיעד: אויסמאכען, האבען א בעדייטונג.
It makes no difference whether you will come to-day or to-morrow.

make a div'idend (מייק ע דיווי'-אי-דענד) צוטיילען דעם ריוח פון א געשעפט צווישען די איינגעטימער פראפארציאנעל לויט דעם קאפיטאל וואס יעדער האט אריינגעלעגט.

make a doub'le (מייק ע דאבל) אין יאגד — דערשיסען צוויי חיות אדער צוויי פויגלען איינע נאך די אנדערע פון א צוויי-רעהריגער ביקס.

make a face (מייק ע פיים) מאכען א מינע; מאכען העויות.

make a feint (מייק ע פיינט) מאכען אן אנשטעל.

make a fig'ure (מייק ע פיג'-יור) זיין אנגעזעהן; מאכען אן אנשטעל.

make a fool of (מייק ע פוהל אוו) מאכען איינעם לעכערליך; מאכען איינעם צום נארען.

make a for'tune (מייק ע פאהר'-טשון) מאכען א פערמעגען, ווערען רייך.

make af'ter (מייק עפ'-טער) נאכפאלגען, נאכיאגען נאך עפעס; סטארען זיך צו כאפען.

make against' (מייק ע-גענסט') ווידערשפרעכען; זיין געגען.

make a good board (מייק ע גוד באורד) שווימען א ווייטע שטרעקע געגען ווינד [וועגען א שיף].

make a hare of (מייק ע העהר אוו) מאכען איינעם לעכערליך; אבטהאן איינעם א שפיצעל.

make a hash of (מייק ע העש אוו) אין גאנצען רואינירען, צושטערען, פערניכטען.

make ahead' (מייק ע-העד') פארווערטס קומען; בריינגען צו עפעס.

make a hit (מייק ע היט) האבען א גרויסען ערפאלג.

make a jest (מייק ע דזשעסט) אבשפאסען, מאכען שפאס.

make a leap at (מייק ע ליעפ עט) זיך ווארפען אויף אימעצען אדער עפעס.

make a lee shore (מייק ע ליע שאור) צופאהרען אונטער'ן ווינד צום סאמע ברעג [וועגען א שיף].

make a lip (מייק ע ליפ) אנבלאזען זיך; ווערען ברוגז; מאכען א מינע פון פעראכטונג.

make a liv'ing (מייק ע ליווי'-אינג) מאכען א לעבען; האבען חיונה; האבען אויף אויסקומעניש.

make al'manacs for last year (מייק אהל'-מע-נעקס פאר לעסט ייר) טהאן עפעס צו שפעט; אריינפאהרען אין שבת אריין.

make a long arm (מייק ע לאהנג ארם) אויסציהען די האנד צו דערלאנגען עפעס.

make a meal (מייק ע מיעל) האבען א גוטען מאהלצייט.

make amends' (מייק ע-מענדז') עפעס גוט מאכען; בעגיטיגען; בעפריעדיגען.
He will make amends for his errors.

make a mess of (מייק ע מעס אוו) עפעס פערדארבען; אנמאכען א צרה.

make a mo'tion (מייק ע מאו'-שאן) מאכען א פארשלאג.

make a mouth (מייק ע מאוטה) פערקרימען דאס מויל; מאכען א מינע; מאכען העויות.

make a move (מייק ע מוהוו) מאכען א צוג, געהן א גאנג [אין שאך-מאט].

make am'ple prom'ises (מייק עמפל פראמ'-אי-סעז) צוזאגען גאלדענע בערג.

make an appoint'ment (מייק ען ע-פאינט'-מענט) אבמאכען צו טרעפען זיך מיט אימעצען.

make and mar (מייק ענד מאר) האלטען אין איין בויען און צוברעכען.

make an end (מייק ען ענד) מאכען א סוף; אב'פטר'ען.

make an en'try (מייק ען ענ'-טרי) אריינשרייבען אין א בוך [אין א קאנטאר].

make an exam'ple of a per'son (מייק ען עג-זעמ'פל אוו ע פויר'-סאן) מאכען איינעם אלס מוסטער אדער ביישפיעל; אנלערנען איינעם אזוי, אז אנדערע זאלען זיך נעהמען א מוסר.

make an hon'est wom'an of (מייק ען אנ'-עסט הוואומ'-ען אוו) חתונה האבען מיט א פרויענצימער נאכדעם ווי מען האט זי פערפיהרט.

make an invest'ment (מייק ען אינ-וועסט'-מענט) אריינלעגען געלד.

make a pas'sage (מייק ע פעס'-עדזש) עמיגרירען פון איין נאהרונגס-ארט צום צווייטען [ווי די וואלפיש]; שווימען צו א בעשטימטען ארט אדער צוריק [וועגען א שיף].

make a pass at (מייק ע פעס עט) אימעצען א קלאפ געבען.

make a point (מייק ע פאינט) מאכען א בעזונדערען ווינשענסווערטהען איינדרוק; זיך אויפהויבען אויף א בעזונדערען אופן אין דער לופט [וועגען א פאלקפויגעל].

make a point of (מייק ע פאינט אוו) זיין בעשלאסען צו טהאן עפעס און טהאן עס; בעשטעהן אויף עפעס.
He made a point of rising early.

make a pres'ent (מייק ע פרעז'-ענט) געבען א מתנה.

make a pretense' to (מייק ע פרי-טענס' טו) פרעטענדירען, פאדערען עפעס; ארויסטרעטען מיט א פרעטענזיע.

make a res'cue (מייק ע רעס'-קיו) בעפרייען מיט געוואלט אן ארעסטירטען.

make arrange'ments (מייק ע-ריינדזש'-מענטס) אראנזשירען, צוגרייטען.

make a scene (מייק ע סיען) מאכען א סצענע; מאכען א סקאנדאל.

make a sensa'tion (מייק ע סענ-סיי'-שאן) מאכען א סענזאציאן אדער שטארקען איינדרוק.

make a show (מייק ע שאו) זיך ארויסשטעלען, מאכען א פאראד פון זיך.

make as if (מייק עז איף) מאכען אן אנשטעל, ארויסווייזען זיך כלומר'שט.

make a speech (מייק ע ספיעטש) האלטען א רעדע.

make a splash (מייק ע ספלעש) ציהען די אויפמערקזאמקייט.

make a stand (מייק ע סטענד) זיך אבשטעלען; זיך שטעלען געגען, ארויסצייגען א ווידערשטאנד.

make a state'ment (מייק ע סטייט'-מענט) מאכען אן ערקלערונג; אין מסחר — אנגעבען די אקטיווא און פאסיווא [וואס מען האט און וואס מען איז שולדיג].

make a stay (מייק ע סטיי) אויפהאלטען זיך [אויף אן ארט]; וואקלען זיך, זיין ניט-ענטשלאסען.

make at (מייק עט) דערנעהנטערען זיך מיט'ן ציעל אנצופאלען; געהן מיט א בייזער כונה געגען אימעצען אדער עפעס.

make a tri'al (מייק ע טראי'-על) פרובירען.

make away' with (מייק ע-הוויי' הוויטה) אבראמען פון וועג; פטר'ען, פערניכטען; טויטען; פערשווענדען, צושטערען.

make'bate *n.* (מייק'-בייט) די פאלעמאניום [א מין פעדער-ארטיג גראז מיט געלבע בליטהען]; איינער וואס רופט ארויס מחלוקות אדער קריעג; א פריעדענס-שטערער.

make'-belief' *n. and a.* (מייק'-בי-ליעף') ז. *make-believe*

make believe' (מייק בי-ליעוו') פרעטענדירען, מאכען אן אנשטעל; ארויסווייזען זיך כלומר'שט פאר עפעס.

make'-believe' *n. and a.* (מייק'-בי-ליעוו') דאס ארויסשטעלען זיך ניט אין דעם ריכטיגען געשטאלט; א פרעטענזיע; א פאלשע פארשטעלונג; ניט רעאל; פאלש ארויסגעשטעלט; מיט א פרעטענזיע.

make boast of (מייק באוסט אוו) זיך מיט עפעס בעריהמען.

make bold (מייק באולד) זיך נעהמען די פרייהייט, זיך ערלויבען.

make bold with (מייק באולד הוויטה) ברויכען אדער טהאן עפעס ניט אנפרעגענדיג זיך.

make boot of (מייק בוהט אוו) האבען פראפיט; שלאגען קאפיטאל פון עפעס.

make both ends meet (מייק באוטה ענדז מיעט) זיך שטרעקען נאך די עקען; אויסקומען מיט דער חלה אויף המוציא; דורכקומען מיט דער הוצאה; לעבען אזוי, אז די הוצאה זאל ניט זיין גרעסער פון דער הכנסה.

make brags on (מייק ברעגז אן) מאכען א גאנצען וועזען פון עפעס.

make close inqui'ry (מייק קלאוס אינ-קהוואי'-רי) מאכען א גרינדליכע אונטערזוכונג.

make com'mon cause with (מייק קאמ'-אן קאהז הוויטה) שטרעבען צוזאמען צו איין ציעל; אונטערשטיצען איינער דעם אנדערען אין דערגרייכען עפעס.

make con'science (מייק קאנ'-שענס) טהאן עפעס לויט'ן געוויסען.

make dain'ty (מייק דיינ'-טי) זיך ציערען; זיך בלאזען.

make dates (מייק דייטס) ז. *make a date*

make doub'le returns' (מייק דאבל רי-טוירנז') איינברענגען צוויי מאל אזוי פיעל.

make duck and drake (מייק דאק ענד דרייק) מאכען קאטשקעלעך אויף'ן וואסער [ווארפען פלאכע שטיינדלעך אויף'ן וואסער אזוי אז זיי זאלען אייניגע מאל אבשפרינגען פון דער אויבערפלעכע]; טהאן עפעס אויף א נאכלעסיגען אופן, פאנאנדערווארפען, צושליידערען, אנמאכען אן אונארדנונג.

make ea'sy (מייק איע'-זי) בערוהיגען.

make e'ven (מייק איוון) אויסגלייכען, סילוק'ען די חובות; ניט בלייבען שולדיג.

make fa'ces (מייק פיי'-סעז) מאכען מאוס'ע העויות.

make fast (מייק פעסט) צומאכען [א טהיר]; אנציהען [א שטריק].

make fish (מייק פיש) זאלצען, רויכערען אדער טריקענען פיש.

make flesh (מייק פלעש) קריעגען פלייש אויף זיך; ווערען דיקער.

make for (מייק פאר) דיענען לטובת עפעס; זיין ניצליך.

make foul wa'ter (מייק פאול הוואה'-טער) שווימען אין פלאכען וואסער אזוי, אז דער דעק פון שיף רייבט זיך אן גרונד.

make free with (מייק פריע הוויטה) ערלויבען זיך פרייהייטען מיט עפעס; זיך האלטען פאמיליאר.

make fun of (מייק פאן אוו) זיך לוסטיג מאכען איבער אימעצען אדער עפעס; אבלאכען פון איינעם.

make'game *n.* (מייק'-גיים) א זאך וואס מען לאכט דערפון.

make game of (מייק גיים אוו) מאכען איינעם צו געלעכטער; אבשפאטען, אבלאכען.

make good (מייק גוד) גוט מאכען, ערפילען דאס ווארט, מקיים זיין א הבטחה; פעסטשטעלען א זאך, דערווייזען עפעס; בעזארגען מיט די נויטיגע בעדערפנישען; בעגיטיגען, אומקעהרען א היזק; פערטייריגען א פלאץ, איינהאלטען איהם; פערווירקליכען עפעס, איינפיהרען אין לעבען, ווי אן אבמאך, א הבטחה א. ד. ג.

make haste (מייק הייסט) זיך איילען, מאכען שנעל.

make hay (מייק היי) צוגרייטען היי [שניידען און טריקענען גראז אלס פוטער פאר בהמות]; אנווארפען זאכען אין אונארדנונג.

make head against' (מייק העד ע-גענסט') ביישטעהן א זאך; געהן פארווערטס טראץ אלע שטערונגען; ענטגעגען שטעלען זיך מיט אלע קרעפטען; פעראייניגען זיך געגען עפעס אדער אימעצען.

make head'way (מייק העד'-הוויי) געהן פארווערטס, מאכען פארטשריט, פראגרעסירען.

make inqui'ries (מייק אינ-קהוואי'-ריז) קלייבען ידיעות; זיך ערקינדיגען וועגען עפעס.

The neighbors **made inquiries** as to the condition of the patient.

make it one's busi'ness (מייק איט הוואנז ביז'-נעס) איבערגעבען זיך צו א זאך און זעהן אז זי זאל דורכגעפיהרט ווערען.

make known (מייק נאון) בעקאנט מאכען, מודיע זיין.

make light of (מייק לאיט אוו) מאכען עפעס צו גארנישט; אוועקמאכען מיט דער האנד.

make lit'tle of (מייק ליטל אוו) גרינגשעצען; מאכען עפעס פאר א קלייניגקייט; ניט פערשטעהן די גאנצע בעדייטונג פון א זאך.

make love to (מייק לאוו טו) מאכען חן'דלעך, זיך ליעבען, ארויסצייגען ליעבע [אוכאזשעוועו]; סטארען זיך ארויסצורופען איינעמס ליעבע.

make mer'ry (מייק מער'-אי) מאכען זיך יום-טוב'דיג, לוסטיג.

make mon'ey (מייק מאנ'-אי) פערדיענען געלד; רייך ווערען.

make more of (מייק מאור אוו) מאכען פון עפעס א גרויסען וועזען; האלטען פאר זעהר וויכטיג.

make much of (מייק מאטש אוו) ז. *make more of*.

make no account' of (מייק נאו ע-קאונט' אוו) גרינגשעצען, ניט אכטען.

make no bones (מייק נאו באונז) ניט מאכען קיין וועזען פון עפעס; ניט מקפיד זיין, זיך ניט נעהמען שטארק צום הארצען פון עפעס.

He **made no bones** about receiving the present.

make no doubt (מייק נאו דאוט) ניט צווייפלען אין עפעס; זיין בעגלויבט.

make no mat'ter (מייק נאו מעט'-ער) ניט האבען קיין בעדייטונג; זיין אונוויכטיג.

make noth'ing of (מייק נאטה'-אינג אוו) האלטען פאר א קלייניגקייט; ניט פערשטעהן די וויכטיגקייט פון א זאך; ניט בעקומען קיין בעפרידיגענדען רעזולטאט פון עפעס.

make oath (מייק אוטה). געבען א שבועה.

make off (מייק אף) פלוצים נעלם ווערען; ניט ווערען, אנטלויפען.

make off with (מייק אף הוויטה) אנטלויפען מיט...

make one's luck'y (מייק הוואנז לאק'-אי) אנטרינען, אנטלויפען.

make one's man'ners (מייק הוואנז מענ'-ערז) מאכען קניקסען, פערבויגען זיך [וועגען קינדער].

make one's mark (מייק הוואנז מארק) 1. מאכען א קרייץ אנשטאט חתמ'ענען דעם נאמען [וועגען מענשען וואס קענען ניט שרייבען]; 2. זיך אויסצייכענען; האבען אן איינפלוס.

2. Although still a young man, he has already **made** his **mark** in the world.

make one's mar'ket (מייק הוואנז מאר'-קעט) פערקויפען די גאנצע סחורה; חתונה האבען.

make one's pile (מייק הוואנז פאיל) ערווערבען א גרויסען רייכטום.

make one's self at home (מייק הוואנז סעלף עט האום) מאכען זיך ווי אין דער היים; פיהלען זיך געמיטליך, בעקוועם.

make one's way (מייק הוואנז הוויי) זיך דורכשלאגען; האבען ערפאלג.

make out (מייק אוט) 1. עפעס ארויסדרינגען, ערלערנען, פערשטעהן אדער אויסגעפינען; 2. זיך אנשטרענגען צו דערגרייכען; 3. פעסטשטעלען, דערווייזען, צווינגען צו אנערקענען עפעס; 4. אויסמאכען אדער דערפילען דאס וואס עס פעהלט; 5. אנשרייבען, צוגרייטען [א חשבון, א דאקומענט א. ד. ג.]; 6. אנגעהן אין עפעס; פראגרעסירען; האבען ערפאלג; 7. אויסציהען.

1. I can not **make out** the meaning of this passage. 2. Please **make out** to reach the place in time. 3. You would **make** him **out** to be a fool. 4. He was not able to **make out** the money.

make o'ver (מייק או'-ווער) 1. איבערמאכען, איבערבויען; 2. איבערגעבען דאס רעכט אויף עפעס.

2. He **made over** his estate to his nephew.

make'peace *n.* (מייק'-פיעס) א שלום-מאכער; א רודף-שלום.

make place (מייק פלייס) מאכען פלאץ, לאזען א וועג.

make pub'lic (מייק פאב'-ליק) פערעפענטליכען, בעקאנט מאכען.

The text of the treaty was **made public** yesterday.

ma'ker *n.* (מיי'-קער) א מאכער, א בעשאפער; א פערפערטיגער; א ליעדער-מאכער, א פאעט; איינער וואס שרייבט זיך אונטער אונטער א פערפליכטונג. ז. *maker of a note*.

Ma'ker *n.* (מיי'-קער) דער בעשאפער, דער רבונו של עולם.

make'-read'y *n.* (מייק'-רעד'-אי) אין דרוקעריי — דער בויגען פאפיער, אויף וועלכען עס זיינען אנגעקלעפט שטיקלעך פאפיער אדער קארטאן, וואס לעגען זיך אונטער פערשיעדענע ערטער פון דער דרוק-פלאטע, כדי דער דרוק זאל אומעטום ארויסגעהן גלייכמעסיג; די צוגרייטונג פון דרוק-זאץ צום דרוקען.

make read'y (מייק רעד'-אי) פארטיג מאכען, צוגרייטען.

ma'ker of a note (מיי'-קער אוו ע נאוט) איינער וואס שרייבט אונטער זיין נאמען אונטער א פערפפליכטונג צו בעצאהלען א געוויסע סומע אין א בעשטימטען סראק.

make room (מייק רוהם) מאכען פלאץ, מאכען א ווארע; אבטרעטען.

ma'ker-up' *n.* (מיי'-קער-אפ') אן אומברעכער [א שריפטזעצער וואס שטעלט אויס דעם זאץ אין שפאלטען אדער זייטען].

make sail (מייק סייל) אנציהען די זעגעל פון א שיף.

make'shift *n. and a.* (מייק'-שיפט) א צייטווייליגער מיטעל; וואס דיענט אלס צייטווייליגער מיטעל פאר עפעס.

The peace which was concluded was only a **makeshift**. There were no elements of permanency in it.

make shift (מייק שיפט) זיך מיט עפעס בעהעלפען; געפינען א מיטעל ווי צו טהאן אדער אויספיהרען א געוויסע זאך.

make sure (מייק שוהר) מאכען עפעס אויף זיכער; טהאן אויף געווים; האלטען פאר געווים.

make the best of (מייק טהי בעסט אוו) אויסנוצען עפעס אויף'ן בעסטען אופן; טהאן דאס בעסטע וואס מען קען.

make the feath'ers fly (מייק טהי פעטה'-ערז- פלאי) מאכען א שטארקען אנפאל; ארויסרופען א שרעקליכען גערודער.

make the fur fly (מייק טהי פויר פלאי) אנמאכען א טומעל אדער א גערודער; ארויסצייגען א כעס; זיך כאפען שלאגען.

make the land (מייק טהי לענד) בעמערקען דעם ברעג, זיך דערנעהנטערען צו דער יבשה [וועגען א שיף].

make the most of (מייק טהי מאוסט אוו) טהאן דאס בעסטע אדער דאס מעגליכסטע וואס מען קען; ציהען דעם גרעסטען פראפיט פון עפעס.

make the place too hot (מייק טהי פלייס טו האט) מאכען היים דעם באדען, מאכען פאר איינעם אונבעקוועם אדער אונמעגליך דארט צו בלייבען.

make the port (מייק טהי פאורט) דערגרייכען דעם האפען.

make things hum (מייק טהינגז האם) ארויסצייגען טהעטיגקייט אדער לעבען; מאכען אלעם ארום זאל זיך בעוועגען, זאל זיין טהעטיג.

make tracks (מייק טרעקס) אנטלויפען.

make'-up *n.* (מייק'-אפ) דער אופן ווי אזוי א זאך איז אויפגעמאכט אדער צוזאמענגעשטעלט; די בעארבייטונג פון אלע פרטים פון א זאך; אין דרוקעריי — דאס אומברעכען, דאס צוזאמענשטעלען די אויפגעזעצטע שריפט אין זייטען; דאס פערפערטיגען זיך פון אן אקטיאר פארצושטעלען א געוויסען כאראקטער.

make up (מייק אפ) צוזאמענשטעלען בעזונדערע טיילען; צוגעבען א בעשטימטע פארם אדער פאסאן דורך דער פעראייניגונג פון בעזונדערע טיילען; פאר-

מירען, צוגרייטען אדער אויסבילדען פון בעזונדערע עלעמענטען אדער טיילען; עפעס אויסטראכטען, פאבריצירען אין געדאנק; ערגענצען, דערפילען, מאכען פול; בעזארגען מיט אלץ וואס איז נויטווענדיג; אננעהמען א בעשטימטע מינע אדער כאראקטער; גוט מאכען, בעגיטיגען; אויסגלייכען חשבונות; בעשטימען, קומען אדער ברייננגען צו א בעשלוס; רעכענען, האלטען פאר עפעס; ברייננגען צו א שלום, אויסגלייכען; פעררריכטען.

make up a defi′ciency (מייק אפ ע די-פיש׳-ען-סי) אבצאהלען דאס, וואס פעהלט; אבטהאן וואס מען האט פערפעהלט צו טהאן.

make up for (מייק אפ פאר) אויספילען דאס לעדיג=געווארענע ארט; פערנעהמען דעם פלאץ מיט עטוואס גלייכעס; אויספילען אדער גוט מאכען דאס פעהלענדע.

make up one's mind (מייק אפ הוואנז מאינד) זיך ענטשליסען, קומען צו א בעשלוס.

make up one's mouth for (מייק אפ הוואנז מאוטה פאר) האבען אפעטיט צו עטוואס; ערווארטען מיט גרויס חשק.

make up to (מייק אפ טו) צו אימעצען צוגעהן; זיך צו אימעצען דערנעהנטערען.

make up with (מייק אפ הוויטה) זיך מיט אימעצען איינינען; זיך מיט אימעצען אויסגלייכען.

make war (מייק הוואהר) ברייננגען צו א קאנפליקט אדער מלחמה; אנפאלען, אטאקירען.

make wa′ter (מייק הוואה׳-טער) אריינפליסען וואסער אין א שיף דורך א שפאלט; אבשלאגען וואסער [משתין זיין].

make way (מייק הוויי) פאראווערטס קומען; מאכען פראגרעס; עפענען א דורכגאנג; מאכען א וועג.

make′weight *n.* (מייק׳-הווייט) דאס וואס ווערט צוגעלעגט אויף א שאל צו מאכען גרעסער דאס געוויכט; א צולעג, א צוגאב צו דער וואג.

make words (מייק הוואירדז) רעדען צופיעל.

mak′i *n.* (מעק׳-אי) א מאקי, א לעמור [אזא האלב=אפען עהנליכע חיה]. ז. *Lemur*.

ma′king *n.* (מיי׳-קינג) דאס מאכען, דאס פערפערטיגען, קאנסטרוקציאן; דאס וואס איז געמאכט געווארען מיט אמאל; דער מאטעריאל, פון וועלכען עפעס איז געמאכט געווארען; הצלחה, די אורזאכען אדער מיטלען פון ערפאלג.

mal′achite *n.* (מעל׳-ע-קאיט) מאלאכיט [א שטיין=ארטיגער מינעראל פון א גרינעם קאליר מיט שווארצע אדערען און פלעקען. פאלירט זיך זעהר לייכט און ווערט בענוצט צו מאכען פערשיעדענע זאכען, ווי וואזעס, קאלאנען, קאמינען, טישען א. ד. ג.].



Malachite

malacolog′ical *a.* (מעל-ע-קא-לאדזש׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו מאלאקאלאגיע. ז. *malacology*.

malacol′ogist *n.* (מעל-ע-קאל׳-א-דזשיסט) א מאלאקאלאגיסט, דער מאלוסקען=קענער.

malacol′ogy *n.* (מעל-ע-קאל׳-א-דזשי) מאלאקאלאגיע, די לעהרע וועגען מאלוסקען אדער ווייך=טהיערע.

maladdress′ *n.* (מעל-ע-דרעס׳) אוננעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט; גראבקייט אין רעדען אדער מאניערען; אונטאקטישקייט.

maladjust′ment *n.* (מעל-ע-דזשאסט׳-מענט) א שלעכטע איינארדנונג; א שלעכטע צופאסונג.

maladministra′tion *n.* (מעל-עד-מינ-איס-טריי׳-שאן) א שלעכטע אדמיניסטראציאן, שלעכטע פערוואלטונג.

maladroit′ *a.* (מעל-ע-דראיט׳) אוננעשיקט, אונגעלומפערט.

maladroit′ly *adv.* (מעל-ע-דראיט׳-לי) אויף אן אוננעשיקטען, אונגעלומפערטען שטייגער.

maladroit′ness *n.* (מעל-ע-דראיט׳-נעס) אוננעשיקטקייט, אונגעלומפערטקייט.

mal′ady *n.* (מעל׳-ע-די) א קראנקהייט [הויפטזעכליך א כראנישע אדער געפעהרליכע].

ma′la fi′de (מיי׳-לא פאי׳-די) מיט א שלעכטער כונה; מיט א בייזער אבזיכט; שווינדלעריש, פעררעטהעריש, פערפיהרעריש.

Mal′aga *n.* (מעל׳-ע-גא) מאלאגא [א פראווינץ אין שפאניען]; א וויין וואס ווערט פראדוצירט אין דיזער פראווינץ; די וויינטרויבען פון מאלאגא.

Malagas′y *a.* and *n.* (מעל-ע-געס׳-אי) וואס איז שייך צום אינזעל מאדאגאסקאר [אין אפריקא] אדער צו זיינע איינוואהנער: איינער פון די שווארצע ראסען אדער שבטים וואס געפינען זיך אין מאדאגאסקאר; די שפראך פון די איינוואהנער פון מאדאגאסקאר.

mal′anders *n.* (מעל׳-ען-דערז) א קניעגעשוויר אדער קרעץ [ביי פערד].

mal′apert *a.* and *n.* (מעל׳-ע-פוירט) העזה׳דיג, חוצפה׳דיג, עזות׳דיג; אן עזות=פנים, א העזה׳ניק.

mal′apertly *adv.* (מעל׳-ע-פוירט-לי) העזה׳דיג, עזות׳דיג; מעשה חוצפה׳ניק.

mal′apertness *n.* (מעל׳-ע-פוירט-נעס) עזות, העזה, חוצפה.

malappro′priate *v.* (מעל-ע-פראו׳-פרי-אייט) פאלש געברויכען.

mal′apropism *n.* (מעל׳-ע-פראפ-איזם) דאס פאלש געברויכען ווערטער צוליעב דעם פערלאנג צו רעדען מיט שעהנע מליצות; א פאלש=געברויכטעס ווארט.

malapropos′ *a.* and *adv.* (מעל-עפ-רא-פאו׳) ניט געלעגענטליך, ניט פאסענד, ניט צו דער צייט, ניט אם פלאץ.

ma′lar *a.* (מיי׳-לאר) וואס געהערט צו דער באק אדער צום באק=ביין.

mala′ria *n.* (מע-ליי׳-רי-א) מאלאריע אדער זומפ=פיבער; אונגעזונדע, פערפעסטעטע לופט.

mala′rial *a.* (מע-ליי׳-רי-על) וואס איז פעראורזאכט פון פערפעסטעטער לופט; וואס איז שייך צו מאלאריע אדער זומפ=פיבער.

mala′rialist *n.* (מע-ליי׳-רי-על-איסט) איינער וואס שטודירט מאלאריע אדער זומפ=פיבער.

mala′rious *a.* (מע-ליי׳-רי-אס) וואס ענטהאלט אדער רופט ארויס מאלאריע אדער זומפ=פיבער.

malassimila′tion *n.* (מעל-ע-סימ-אי-ליי׳-שאן) א שלעכטע פערדייאונג; א שלעכטע איבערקאכונג פון דעם שפייז אין מאגען.

ma′late *n.* (מיי׳-לייט) עפעל=זויער זאלץ.

mal′axage *n.* (מעל׳-עק-סעדזש) דאס קנעטען ליים צו מאכען טעפ.

mal′axate *v.* (מעל׳-עק-סייט) ווייך מאכען; קנעטען ביז עס ווערט ווייך [וועגען ליים].

mal′axator *n.* (מעל׳-עק-סיי-טאר) א מאשין צונויפצומישען פערשיעדענע מאטעריאלען [ווי ביים מאכען וואפנע א. ד. ג.].

Malay′ *n.* and *a.* (מע-ליי׳) אן איינוואהנער פון די מאלאאישע אינזלען אדער פון דעם האלב=אינזעל מאלאקא; די שפראך פון דיזע לענדער: א מין הוהן מיט לאנגע פיס, מיט א לאנגען האלז און א קורצען אראבגעבויגענעם עק; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון די מאלאאישע אינזלען אדער זייער שפראך.

malconceived′ *a.* (מעל-קאן-סיווד׳) שלעכט בעגריפען, פערשטאנען אדער געפלאנט.

malconforma′tion *n.* (מעל-קאן-פאר-מיי׳-שאן) א שלעכטע אדער ניט ריכטיגע צוזאמענשטעלונג פון די בעזונדערע טיילען.

malconstruc′tion *n.* (מעל-קאן-סטראק׳-שאן) א שלעכטער געבוי; א שלעכטע צוזאמענשטעלונג.

mal′content *a.* and *n.* (מעל׳-קאן-טענט) אונצופריעדען; וואס איז אונצופריעדען מיט דער עקזיסטירענדער פאליטישער אדער סאציאלער ארדנונג; אן אונצופריעדענער מענש; איינער וואס איז אונצופריעדען מיט דער עקזיסטירענדער ארדנונג.

malconten′ted *a.* (מעל-קאן-טענ׳-טעד) אונצופריעדען; וואס איז אונצופריעדען מיט דער עקזיסטירענדער פאליטישער אדער סאציאלער ארדנונג.

malconten′tedly *adv.* (מעל-קאן-טענ׳-טעד-לי) מיט אונצופריעדענהייט; אויף אן אונצופריעדענעם שטייגער.

malconten′tedness *n.* (מעל-קאן-טענ׳-טעד-נעס) אונצופריעדענהייט.

malcontent′ly *adv.* (מעל-קאן-טענט׳-לי) מיט אונצופריעדענהייט; ווי אן אונצופריעדענער מענש.

malcontent′ment *n.* (מעל-קאן-טענט׳-מענט) אונצופריעדענהייט.

male *a.* and *n.* (מייל) מענליך, פון מענליכען געשלעכט; א מאנספערזאן; א זכר [פון מענשען און חיות].

male child (מייל טשאילד) א אינגעלע.

maledic′tion *n.* (מעל-אי-דיק׳-שאן) דאס פערשילטען; א פלוך, א קללה.

maledic′tory *a.* (מעל-אי-דיק׳-טא-רי) פערפלוכענד, פערשילטענד; וואס איז שייך צו א פלוך אדער קללה.

malefac′tion *n.* (מעל-אי-פעק׳-שאן) רשעות, בייזקייט, שלעכטס; א פערברעכען.

mal′efactor *n.* (מעל׳-אי-פעק-טאר) א רשע=מרושע; א פערברעכער.

mal′efactress *n.* (מעל׳-אי-פעק-טרעס) א פערברעכערין, מרשעת.

malef′ic *a.* (מע-לעפ׳-איק) בייזהאפט, שעדליך, וואס טהוט שלעכטס.

malef′icence *n.* (מע-לעפ׳-אי-סענס) שלעכטסקייט, בייזקייט, די נייגונג צו טהאן שלעכטס.

malef′icent *a.* (מע-לעפ׳-אי-סענט) וואס טהוט שלעכטס; וואס טהוט עפעס מיט א בייזער כונה.

male rimes (מייל ראימז) מענליכע גראמען [ווען נור די לעצטע זילבע גראמט

זיך, ווי אין די ווערטער "געזאגט" און "בעקלאגט"].

male screw (מייל סקרוה) א שרויף.

malev'olence *n.* (מע-לעוו'-א-לענס) דאס ווינשען שלעכטס; דאס זיין פון נאטור א שלעכטער; בייזוויליגקייט; פיינדזעליגקייט.

malev'olent *a.* (מע-לעוו'-א-לענט) בייזוויליג; וואס ווינשט שלעכטס; וואס איז פון נאטור א שלעכטער; פיינדזעליג.

malev'olently *adv.* (מע-לעוו'-א-לענט-לי) ווינשענדיג שלעכטס; פיינדזעליג; בייזוויליג.

malexecu'tion *n.* (מעל-עק-סי-קיו'-שאן) א שלעכטע אויספיהרונג פון עפעס; א שלעכטע אדמיניסטראציאן.

malfea'sance *n.* (מעל-פיע'-זענס) א שלעכטע טהאט, א בייזע טהאט.

malforma'tion *n.* (מעל-פאר-מיי'-שאן) אן אונרעגולערע אדער אוננארמאלע געשטאלט אדער פיגור; א מיסגעבורט.

malformed' *a.* (מעל-פארמד') שלעכט געבויט; וואס האט א מיאוס'ע פארם.

ma'lic *a.* (מיי'-ליק) וואס איז שייך צו עפעל; וואס בעקומט זיך פון עפעל=זאפט.

ma'lic ac'id (מיי'-ליק עס'-איד) עפעל=זויערע [א כעמישער שטאף וואס געפינט זיך אין דעם זאפט פון געוויסע פרוכט און פלאנצען].

mal'ice *n.* (מעל'-אים) בייזקייט, שלעכטסקייט, מוטוויליגקייט; האס, שנאה; שלעכטע אבזיכט.

mal'ice afore'thought (מעל'-אים ע-פאור'-טהאהט) א פארויס=בעטראכטע רשעות, א במזיד'יגע רשעות.

The crime was committed with **malice aforethought.**

mal'iceless *n.* (מעל'-אים-לעס) אהן רשעות; אהן א בייזער אבזיכט.

mal'ice prepense' (מעל'-אים פרי-פענס') ז. *malice aforethought*

mali'cious *a.* (מע-ליש'-אס) בייזהאפט, שלעכט, פיינדזעליג.

mali'ciously *adv.* (מע-ליש'-אס-לי) אויף א בייזהאפטען, שלעכטען אדער פיינדזעליגען אופן.

mali'cious mis'chief (מע-ליש'-אס מיס'-טשיף) דאס שעדיגען איינעמס אייגענטום מיט א בייזער אבזיכט.

mali'ciousness *n.* (מע-ליש'-אס-נעס) א בייזער ווילען; בייזהאפטיגקייט.

mali'cious prosecu'tion (מע-ליש'-אס פראס-אי-קיו'-שאן) אן ארעסט אדער קלאגע וואס איז געמאכט געווארען אויף א געזעצליכען אופן, אבער אהן א גרינדליכער אורזאכע; א פראצעס צו מאהנען ענטשעדיגונג פאר אזא ארעסט אדער קלאגע.

malign' *a. and v.* (מע-לאין') בייזהאפט, שלעכט, פיינדזעליג; שעדליך, פערדערבענד; רעדען לשון=הרע, טרייבען רכילות; מאכען איינעם א מיאוס'ען נאמען.

malig'nance *n.* (מע-ליג'-נענס) ז. *malignancy*

malig'nancy *n.* (מע-ליג'-נען-סי) שלעכטסקייט, בייזקייט; דאס זיין שלעכט אדער בייזהאפט.

malig'nant *a. and n.* (מע-ליג'-נענט) 1. פיינדזעליג: בייזהאפט: שלעכט: בייזוויליג; געפעהרליך; סכנות'דיג; 2. א פיינדזעליגער אדער בייזוויליגער מענש.

1. He is suffering from a **malignant** growth in his stomach.

malig'nantly *adv.* (מע-ליג'-נענט-לי) אויף א פיינדזעליגען, בייזהאפטען שטייגער.

malign'er *n.* (מע-לאינ'-ער) א פערליימדער, א רכילות'ניק; איינער וואס רעדט שלעכטס אויף'ן אנדערען.

malig'nity *n.* (מע-ליג'-ני-טי) שלעכטסקייט, בייזקייט; פיינדזעליגקייט.

malign'ly *adv.* (מע-לאינ'-לי) אויף א בייזהאפטען, שלעכטען אדער פיינדזעליגען שטייגער.

malin'fluence *n.* (מעל-אינ'-פלו-ענס) א שלעכטע ווירקונג.

malin'ger *v.* (מע-לינ'-גער) מאכען זיך כלומר'שט קראנק [אום אויסצומיידען א פליכט אדער ארבייט].

malin'gerer *n.* (מע-לינ'-גער-ער) איינער וואס מאכט זיך כלומר'שט קראנק, כדי אויסצומיידען א פליכט.

malin'gery *n.* (מע-לינ'-גער-אי) דאס מאכען זיך כלומר'שט קראנק [ביי סאלדאטען וועלכע ווילען ניט טהאן זייער פליכט].

mal'ison *n.* (מעל'-אי-זאן) פלוך, פערשילטונג; א קללה.

mal'kin *n.* (מאהל'-קין) אן אויוועז=בעזים, א פאמעלע; א סטראשידלע; א טשוטשעלע; א קיכען=דיענסט; א פראסטע פרוי; א פרוי א שלומפער; א קאץ.

mall *n. and v.* (מאהל) א שלעגעל, א שווערער הילצערנער האמער, א דובינע; א קלאפער, א מין האמער וואס ווערט בענוצט אין מלחמה; די גראבע זייט פון אזא האמער; א מין שפיעל מיט א הילצערנעם באל און האמער; אן אלעע, א שפאציער=וועג צווישען ביימער; א געריכטס=הויף; קלאפען אדער שלאגען מיט א שלעגעל.

mal'lard *n.* (מעל'-ארד) א ווילדע ענטעל [קאטשקע]. ז. איל. *"North American Game Birds"*

malleabil'ity *n.* (מעל-אי-ע-ביל'-אי-טי) שמיעדבארקייט [די אייגענשאפט פון א מעטאל זיך צו לאזען שמיעדען].

mal'leable *a.* (מעל'-אי-עבל) שמיעדבאר, וואס לאזט זיך שמיעדען; וואס לאזט זיך בויגען; וואס קען בעאיינפלוסט ווערען.

mal'leableness *n.* (מעל'-אי-עבל-נעס) ז. *malleability*

mal'leate *v.* (מעל'-אי-אייט) שמיעדען, האמערען, אויסקלאפען מיט א האמער.

mallea'tion *n.* (מעל-אי-איי'-שאן) דאס שמיעדען, דאס האמערען; אין פאטאלאגיע — א קאנוואולסיווע בעוועגונג פון די הענד, ווען זיי טרייסלען זיך גלייכמעסיג ווי עם קלאפט א האמער.

mal'lenders *n.* (מעל'-ען-דערז) ז. *malanders*

malle'olar *a.* (מעל-אי'-א-לאר) וואס איז שייך צום פוס=קנעכעל.

malle'olus *n.* (מע-לי'-א-לאס) א קנעכעל=ביינדעל; א צווייג וואס ווערט אויסגעבויגען און איינגעפלאנצט, בלייבענדיג ניט אבגעריסען פון'ם בוים.

Mallets

mal'let *n.* (מעל'-עט) א הילצערנער האמער.

mal'leus *n.* (מעל'-אי-אס) א קליין ביינדעל פון דעם מיטעלסטען אויער, וואס געפינט זיך נעבען דעם פויק=הייטעל.

mal'linders *n.* (מעל'-אינ-דערז) ז. *malanders*

mal'low *n.* (מעל'-או) די מאלווא [א גראז=ארטיגע פלאנצע מיט רויטליכע אדער ווייסע בלומען. וואקסט אין סעדער און אויף אויף קופעס מיסט].

Mallow

malm *n. and a.* (מאהם) א ווייכער גרוי=ווייסער קאלך=שטיין; א ליימיגער באדען וואס ענטהאלט אין זיך קאלך; געמאכט פון גרוי=ווייסען קאלך=שטיין.

malm brick (מאהם בריק) א זארט געלבע ציעגעל [ווערט געמאכט פון ליימיגער ערד, וועלכע ענטהאלט אין זיך קאלך].

malm rock (מאהם ראק) א מין זאמד=שטיין [געפינט זיך אין גרויסע מאסען אין דרום=ענגלאנד].

malms *n.* (מאהמז) א זארט געלבע ציעגעל. ז. *malm brick*

malm'sey *n.* (מאהמ'-זי) מאלוואזיע [א זיסער, שטארקער און שמעקענדער געלבער אדער רויטער וויין. ווערט געמאכט אין גריכענלאנד און בעזאנדערס אין מאדיירא און אויף די אזארישע אינזלען].

malm'stone *n.* (מאהמ'-סטאון) ז. *malm rock*

mal'my *a.* (מאה'-מי) וואס בעשטעהט אדער וואס ענטהאלט אין זיך ווייכען גרוי=ווייסען קאלך=שטיין.

malnutri'tion *n.* (מעל-נו-טריש'-אן) שלעכטע נאהרונג.

malo'dor *n.* (מעל-או'-דאר) א שלעכטער גערוך; א געשטאנק.

malo'dorous *a.* (מעל-או'-דאר-אס) וואס האט א שלעכטען גערוך; שטינקענד.

malo'dorousness *n.* (מעל-או'-דאר-אס-נעס) שטינקעריי, דאס לאזען פון זיך א שלעכטען גערוך.

Ma'lo-Rus'sian *n.* (מיי'-לאו-ראש'-ען) מאלאראסיא, קליין=רוסלאנד [דער טייל פון רוסלאנד, וואס בעשטעהט פון פאלטאווער, כארקאווער און טשערניגאווער גובערניעס].

malposi'tion *n.* (מעל-פא-זיש'-אן) א שלעכטע אדער פאלשע שטעלונג.

malprac'tice *n.* (מעל-פרעק'-טים) די האנדלונג געגען געזעץ אדער געגען די אנגענומענע רעגלען; אונערלויבטע האנדלונג; דאס שלעכט היילען א קראנקהייט; א מעדיצינישער פערברעכען; א קרימינע-

לע אפעראציאן [אויף שוואנגערע פרוי־
ען].

malpracti'tioner *n.* (מעל-פרעק-
טיש'-אנ-ער) א דאקטאר וואס גיט אזעל־
כע רפואות, דאס דער חולה ווערט ער־
גער; א דאקטאר וואס בעגעהט א פער־
ברעכען [ווי למשל, ארויסרופענדיג א
פריהצייטיגע געבורט].

mal'stick *n.* (מאהל'-סטיק)
ז. *mahlstick*

mal'strom *n.* (מייל'-סטראם)
ז. *maelstrom*

malt *n., a. and v.* (מאהלט) [די מאלץ
קערנער פון גערשטען אדער ווייץ א. ד.
ג. וואס ווערען געווייקט אין וואסער,
דערנאך געטריקענט און דיק צומאהלען.
ווערט געברויכט אין מאכען ביער, בראנ־
פען, קוואס א. ד. ג.]; ליקער וואס בע־
קומט זיך פון מאלץ, ווי ביער, פארטער
א. ד. ג.; וואס איז שייך צו מאלץ;
וואס בעקומט זיך פון מאלץ; מאכען
מאלץ; פערוואנדלען קערנער אין מאלץ;
זיך פערוואנדלען אין מאלץ; טרינקען לי־
קער וואס בעקומט זיך פון מאלץ.

Maltese' *a. and n.* (מאהל-טיעז') וואס
איז שייך צו מאלטא [אן אינזעל אין מי־
טעללענדישען ים]; אן איינוואוהנער פון
מאלטא; די שפראך וואס ווערט געברויכט
אויף דעם אינזעל מאלטא [א געמישטע
שפראך פון אראביש מיט איטאליעניש].

Maltese' cat (מאהל-טיעז' קעט) אזא
קעצעל מיט לאנגע דינע האר.

Maltese' cross (מאהל-טיעז' קראהס)
אן אכט־שפיציגער קרייץ.

Maltese' dog (מאהל-טיעז' דאג) א
קליין הינטעלע בעוואקסען מיט לאנגע
ווייסע זייד־דינע האר.

Maltese Dogs

malt'-ex'tract *n.* (מאהלט-עקס'-
טרעקט) דער עקסטראקט פון ניט־פער־
זויערטע מאלץ [ווערט געברויכט אין מע־
דיצין].

malt'-floor *n.* (מאהלט'-פלאור) דער
באדען אדער פאדלאגע, אויף וועלכער עס
ווערט געטריקענט מאלץ. ז. *malt*

mal'tha *n.* (מעל'-טהא) מינעראל־פעך
[א מין שווארצער צעמענט].

malt'-horse *n.* (מאהלט'-האהרס) א
לאנגזאמער, שווערער פערד; א פערד וואס
ארבייט אין א ברויעריי; א דומקאפ, א
נאר, א פערדישער קאפ.

malt'-house *n.* (מאהלט'-האוס) א גע־
ביידע וואו מען מאכט מאלץ.

Malthu'sian *a. and n.* (מעל-טהיו'-
סי-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען עקא־
נאמיסט טאמאס מאלטוס אדער צו זיינע
לעהרען; אן אנהענגער פון מאלטוס'עס
לעהרען. ז. *Malthusianism*

Malthu'sianism *n.* (מעל-טהיו'-סי-ענ-
איזם) מאלטוזיאניזם [די לעהרע פון'ם ענג־
לישען עקאנאמיסט טאמאס מאלטוס, אז די
מענשליכע בעפעלקערונג וואקסט אלע מאל
אין א פיעל גרעסערער פראפארציע איי־
דער די אלגעמיינע סומע פון לעבענס־מיט־
לען. און ווייל די צאהל מענשען איז פיעל
גרעסער איידער די צאהל פראדוקטען,
וואס מען בעקומט פון דער נאטור, דערי־
בער הערשט ארימקייט און אלע אנדערע
צרות, פון וועלכע די געזעלשאפט ליידעט.
כדי צו פערמיידען דיעזע צרות, איז נויי־
טיג, אז דער וואוקס פון דער בעפעלקע־
רונג זאל ווערען פיעל קלענער, און צו־
ליעב דעם מוזען מענשען אויפהערען פריה
צו הייראטען און דארפען זיך סטארען.
אז ביי זיי זאלען געבארען ווערען וואס
ווייניגער קינדער].

mal'ting *n.* (מאהל'-טינג) דאס מאכען
מאלץ. ז. *malt*

malt'-kiln *n.* (מאהלט'-קיל) א ווארים
אנגעהייצט צימער, וואו מען טריקענט
מאלץ. ז. *malt*

malt'-mad *a.* (מאהלט'-מעד) שכור;
אויסער'ן זינען צוליעב שכרות; שטארק
איבערגעגעבען צום שכור'עז.

malt'man *n.* (מאהלט'-מען) א מאלץ־
מאכער.

mal'tose *n.* (מאהל'-טאוס) מאלץ־צוקער.

maltreat' *v.* (מעל-טריעט') שלעכט בע־
האנדלען, זיך שלעכט בעגעהן מיט אימע־
צען. The nurse maltreats the children.

maltreat'ment *n.* (מעל-טריעט'-מענט)
שלעכטע בעהאנדלונג.

malt'ster *n.* (מאהלט'-סטער) א מאלץ־
מאכער; א מאלץ־הענדלער.

malt'worm *n.* (מאהלט'-הוואירם) א
שכור, א פיאניצע.

mal'ty *a.* (מאהל'-טי) וואס איז שייך
צו מאלץ; וואס בעשטעהט אדער בעקומט
זיך פון מאלץ. ז. *malt*

ma'lum *n.* (מיי'-לאם) אין יוריספרו־
דענץ — א שלעכטע טהאט, אן אונרעכט.

ma'lum in se (מיי'-לאם אין סי) א
זאך וואס איז פערבאטען, ווייל זי איז
אן און פיר־זיך אן אונרעכט געגען זיט־
ליכקייט.

ma'lum prohib'itum (מיי'-לאם
פרא-היב'-אי-טאם) א טהאט, וועלכע איז
שלעכט נור דערפאר, ווייל עס איז פער־
באטען פון געזעץ.

malva'ceous *a.* (מעל-וויי'-שיאס) וואס
איז שייך צו די מאלווא־פלאנצען.
ז. *mallow*

malversa'tion *n.* (מעל-ווער-סיי'-שאן)
אונעהרליכע האנדלונג; דאס זיין א פער־
קויפטע נשמה; דאס דיענען אונגעטריי
[ווי דורך נעהמען כאבאר א. ד. ג.].

mam *n.* (מעם) מוטער; מאדאם.

ma'ma *n.* (מא'-מא) מאמע, מוטער.

mam'aluke *n.* (מעמ'-ע-ליוק)
ז. *mameluke*

mam'elon *n.* (מעמ'-ע-לאן) א רונד
קליין בערגעל.

mam'eluke *n.* (מעמ'-ע-ליוק) א מאמע־
ליוק, א שקלאף, מייסטענס א טשערקעס,
וואס דיענט אין הויף פון א טערקישען
אדער עגיפטישען פאשא.

Mam'eluke *n.* (מעמ'-ע-ליוק) איינער
פון די מאמעליוקען אדער עגיפטישע גוואר־
דיע [אן ארט ארמעע, וועלכע איז אין
מיטעלאלטער געווען דער הערשענדער עלע־
מענט פון עגיפטען].

mam'ma *n.* (מא'-מא) א מוטער.

mam'ma *n.* (מעמ'-א) א ברוסט, א
ציצקע; אן אייטער.

mam'mal *a. and n.* (מעמ'-על) וואס
האט אן אייטער אדער ברוסט; א זויג־
טהיער.

Mamma'lia *n.* (מע-מיי'-ליא) דער מין
זויג־טהיערע.

mamma'lian *a. and n.* (מע-מיי'-ליען)
וואס איז שייך צו די זויג־טהיערע; א
זויג־טהיער.

mammalif'erous *a.* (מעמ-ע-ליפ'-ע-
ראס) איז געאלאגיע — וואס ענטהאלט
איבערגעבליבענע טיילען פון זויג־טהיערע.

mammal'ogist *n.* (מע-מעל'-א-דזשיסט)
א מאמאלאג, איינער וועלכער שטודירט
זויג־טהיערע.

mammal'ogy *n.* (מע-מעל'-א-דזשי)
מאמאלאגיע, די לעהרע איבער די זויג־
טהיערע.

mam'mary *a.* (מעמ'-ע-רי) וואס גע־
הערט צו די בריסט.

mam'mate *a.* (מעמ'-אייט) וואס האט
בריסט.

mammee' *n.* (מע-מיע') דער אמעריקא־
נישער אפריקאזען־בוים; די אפריקאזע
[די פרוכט פון דיעזען בוים]. ז. *apricot*

mam'mie *n.* (מעמ'-אי) ז. *mammy*

mam'mifer *n.* (מעמ'-אי-פער) א חיה
פון קלאס זויג־טהיערע.

mammif'erous *a.* (מע-מיפ'-ע-ראס)
מיט בריסט, וואס האט בריסט; וואס
זויגט די קינדער.

mam'miform *a.* (מעמ'-אי-פארם) וואס
האט די פארם פון א ברוסט.

mam'miformed *a.* (מעמ'-אי-פארמד)
ז. *mammiform*

mammil'la *n.* (מע-מיל'-א) דער ברוסט־
ווארצעל; א זאך וואס האט די פארם
פון א ברוסט־ווארצעל.

mam'millar *a.* (מעמ'-אי-לאר)
ז. *mammillary*

mam'millary *a.* (מעמ'-אי-לע-רי)
ברוסט־פערמיג, ווי א ברוסט־ווארצעל,
רונד־בערגעלדיג, גוזעוואטע.

mam'millate *v. and a.* (מעמ'-אי-
לייט) מאכען ווי א ברוסט; וואס האט די
פארם פון א ברוסט־ווארצעל; גוזעוואטע,
בערגעלדיג.

mam'millated *a.* (מעמ'-אי-ליי-טעד)
וואס האט די פארם פון א ברוסט־ווארצעל;
וואס האט א ברוסט־פערמיגע צוואוקסונג.

mammilla'tion *n.* (מעמ-אי-ליי'-שאן)
דאס האבען א ברוסט־פערמיגע צוואוקס־
סונג אדער אנוואוקסונגען.

mammil'liform *a.* (מע-מיל'-אי-
פארם) וואס האט די פארם פון א ברוסט־
ווארצעל.

mam'milloid *a.* (מעמ'-אי-לאיד)
ז. *mammilliform*

mammi'tis *n.* (מע-מאי'-טיס) ענטצינ־
דונג פון די בריסט.

mam'mock *v.* (מעמ'-אק) צורייסען אין
שטיקער.

mam'modis *n.* (מעמ'-א-דיס) אזא
זארט דיקער אינדישער מוסלין.

Mam'mon *n.* (מעמ'-אן) דער מאמאן,
סירישער גאט פון רייכטום; די פערזאָ־
ניפיקאציאן אדער פארשטעלונג פון וועלט־
ליכע פערגניגענס אדער עולם־הזה־זאכען.

mam'mon *n.* (מעמ'-אן) ממון, געלד,
עולם־הזה־זאכען.

mam'monish *a.* (מעמ'-אנ-איש) וואס
איז איבערגעגעבען צום גאט מאמאן, געלד־
זיכטיג.

mam'monism *n.* (מעמ׳-אנ-איזם) מאַמאָניזם, די איבערגעבענהייט צום גאָט מאַמאָן; געלד-זיכטיגקייט; דאָס יאָגען זיך נאָך רייכטום.

mam'monist *n.* (מעמ׳-אנ-איסט) אַ רייכטום-זוכער; אַ פערעהרער פון דעם געלד-גאָט.

mammonis'tic *a.* (מעמ-אַ-ניס׳-טיק) וואָס איז שייך צו מאַמאָניזם. ז. *mammonism*

mam'monite *n.* (מעמ׳-אַנ-איט) אַ דיענער פון גאָט מאַמאָן; אַ מענש וואָס האָט אין זינען נור זאַמלען געלד און רייכטום.

mammoniza'tion *n.* (מעמ-אַנ-אי-זיי׳-שאַן) דאָס ווערען אָדער דאָס זיין איבערגעגעבען צום גאָט מאַמאָן; דאָס יאָגען זיך כסדר נאָך געלד און עולם-הזה-זאַכען.

mam'monize *v.* (מעמ׳-אַנ-איז) ווערען אַ דיענער פון גאָט מאַמאָן; האָבען איין איינציגען ציעל — זאַמלען געלד.

mam'moth *n. and a.* (מעמ׳-אַטה) דער מאַמאָט אָדער מאַמאַנט [אַ מין אוראַלטער עלפאַנט וועלכער עקזיסטירט ניט מעהר. מען געפינט נאָך זיינע ביינער אין דער ערד]; זעהר גרויס, שרעקליך גרויס.

Mammoth

mam'moth tree (מעמ׳-אַטה טריע) דער מאַמאַנט-בוים [איינער פון די גרעסטע טאַנען-ביימער וואָס וואַקסען אין קאַליפאָרניע].

mam'my *n.* (מעמ׳-אי) מאַמעניו, מוטער; אין די דרום-שטאַאטען פון אַמעריקאַ — אַ נעגערשע אַם אָדער קינדער-אויפזעהערין [ביי ווייסע].

man *n. and v.* (מען) אַ מענש, אַ מאַנס-פערזאָן, אַ מאַן; די מענשליכע ראַסע, די מענשהייט; איינער; מענשליכקייט; אַ דיענער; אַ שאַך-פיגור; בעזאָרגען אָדער בעזעצען מיט מענשען אָדער מיט אַ מאַנשאַפט; מאַכען מענליך, מאַכען מוטיג.

man about' town (מען ע-באַוט׳ טאַון) אַ לעבעמאַן, אַ הולטאַי, אַ רייכער פוסט און פאַסניק.

man'acle *n. and v.* (מענ׳-עקל) אַ האַנד-קייט, קאַנדאַלען; שמיעדען די הענד, אָנטהאָן קאַנדאַלען אויף די הענד.

man'acles *n.* (מענ׳-עקלז) האַנד-קייטען, קאַנדאַלען.

man'age *v.* (מענ׳-עדזש) אָנפיהרען, פיהרען, לייטען, פערוואַלטען, קאָנטראָלירען, האַלטען אין צוים; דרעסירען, צוימען [חיות]; איינריכטען, איינאָרדנען; דורכפיהרען [עפּעס].

manageabil'ity *n.* (מענ-עדזש-ע-ביל׳-אי-טי) בעקוועמליכקייט און לייכטקייט אין אָנגעהן מיט עפּעס; די מעגליכקייט צו ווערען געפיהרט, קאָנטראָלירט אָדער געצוימט; נאָכגיעביגקייט, געהאָרכזאַמקייט.

man'ageable *a.* (מענ׳-עדזש-עבל) וואָס מען קען דערמיט לייכט אָנגעהן; וואָס לאָזט זיך לייטען, פיהרען, קאָנטראָלירען אָדער צוימען; נאָכגיעביג, געהאָרכזאַם.
Her husband is very **manageable.**

man'ageableness *n.* (מענ׳-עדזש-עבל-נעס) ז. *manageability*

man'ageably *adv.* (מענ׳-עדזש-ע-בלי) אַזוי אַז מען זאָל קענען לייכט אָנגעהן מיט עפּעס, פיהרען אָדער קאָנטראָלירען עפּעס; מיט געהאָרכזאַמקייט, מיט נאָכגיעביגקייט.

man'agement *n.* (מענ׳-עדזש-מענט) 1. פערוואַלטונג, פיהרונג, לייטונג, דירעקציאָן, קאָנטראָל; 2. אומגאַנג, בעהאַנדלונג; די אַרט און ווייזע פון פיהרונג אָדער איינאָרדנונג פון עפּעס; 3. געשיקטקייט אין פיהרונג אָדער איינאָרדנונג.
1. The **management** of this hotel is very good. 2. The failure of the undertaking was due to poor **management.**

man'ager *n.* (מענ׳-ע-דזשער) אַ פערוואַלטער, אַ פיהרער, אַן אויפזעהער; אַ דירעקטאָר; איינער וואָס פּלאַנעוועט, אַן אינטריגאַנט.

manage'rial *a.* (מענ-ע-דזשי׳-רי-על) וואָס איז שייך צו אַ פערוואַלטונג אָדער דירעקציאָן [הויפּטזעכליך אַ טעאַטער-דירעקציאָן].

man'agership *n.* (מענ׳-עדזש-ער-שיפּ) דירעקציאָן, פערוואַלטינג, לייטונג.

man'aging *n. and a.* (מענ׳-עדזש-אינג) דירעקציאָן, פערוואַלטונג, לייטונג; לייטענד, פערוואַלטענד, קאָנטראָלירענד; שפּאָרזאַם; פּלאַנעווענדיג, אינטריגירענד.

man'aging direc'tor (מענ׳-עדזש-אינג די-רעק׳-טאָר) דער הויפּט-פערוואַלטער, דער הויפּט-בעל-הבית פון אַ געשעפט.

man'akin *n.* (מענ׳-ע-קין) ז. *manikin*

man alive'! (מען ע-לאַיוו׳) אום גאָטעס ווילען! [אַן אויסרוף פון ערשטוינונג אָדער פּראָטעסט].

man'-ape *n.* (מענ׳-איים) די מענשען-עהנליכע אַפּע [די שימפּאַנזע, די גאָרילאַ, דער אָראַנג-אוטאַנג און דער גיבאָן].

man'-at-arms *n.* (מענ׳-עט-אַרמז) אַ סאָלדאַט; אַ שווער-בעוואָפענטער סאָלדאַט [אין מיטעלאַלטער].

manatee' *n.* (מענ-ע-טיע׳) די ים-קוה [אַזאַ זויגענדע ים-חיה].

Manatee

man'atin *n.* (מענ׳-ע-טין) ז. *manatee*

manav'elins *n.* (מע-נעוו׳-ע-לינז) עקסטראַ שפּייזען, פערשיעדענע ביי-שפּייזען [אין דער מאַטראָזען-שפּראַך].

man'-car *n.* (מענ׳-קאַר) אַ מין וואַגאָן, מיט וועלכען מען לאָזט אַרונטער און מען ברייננגט אַרויף אַרבייטער אין משופּע׳דיגע שאַכטען [קויהלען-גרובען אָדער מעטאַל-גרובען].

manch *n.* (מענטש) דער האַלז פון אַ פידעל, גיטאַר אָדער עהנליכען אינסטרומענט.

manche *n.* (מענטש) ז. *manch*

man'chet *n. and a.* (מענ׳-טשעט) ברויט געמאַכט פון בעסטען ווייצען-מעהל; פון בעסטען ווייצען-מעהל.

manchette' *n.* (מאַנ-שעט׳) אַ מאַנזשעט.

man'-child *n.* (מענ׳-טשאַילד) אַ אינגעל [בן זכר].

manchineel' *n.* (מענ-טשי-ניעל׳) דער מאַנצאַנילאַ-בוים [וואַקסט אין די היי-סע טיילען פון אַמעריקאַ, ענטהאַלט אַ מילך-עהנליכען גיפטיגען זאַפט, די פרוכט פון דעם בוים איז עהנליך צו אַן עפּעל].

Manchineel

Manchoo' *n. and a.* (מענ-טשוה׳) ז. *Manchu*

Manchoo'rian *a.* (מענ-טשוה׳-רי-ען) ז. *Manchurian*

Manchu' *n. and a.* (מענ-טשוה׳) אַ מאַנדזשו [איינער פון דעם מאַנדזשו-פאָלק, וואָס האָט בעזיעגט כינאַ אין 17טען יאָהרהונדערט און וועמעס נאָמען עס טראָגט די כינעזישע פּראָווינץ מאַנדזשוריע]; די מאַנדזשו-שפּראַך; וואָס איז שייך צו די מאַנדזשוס, צו זייער לאַנד אָדער שפּראַך.

Manchu'rian *a.* (מענ-טשוה׳-רי-ען) מאַנדזשוריש, וואָס איז שייך צו מאַנדזשוריע. ז. *Manchu*

mancipa'tion *n.* (מענ-סי-פּיי׳-שאַן) אַ פאָרמאַליטעט ביים איבערגעבען געקויפטעס גרונד-אייגענטום; אַ פאָרמאַליטעט, דורך וועלכער אַ פאָטער האָט בעפרייט אָדער געמאַכט זעלבסטשטענדיג אַ זוהן [אין פאָרצייטיגען רוים].

man'cipatory *a.* (מענ׳-סי-פּע-טאָ-רי) וואָס איז שייך צו דער פאָרמאַליטעט פון איבערגעבען געקויפטעס גרונד-אייגענטום אָדער פון מאַכען זעלבסטשטענדיג אַ זוהן [אין פאָרצייטיגען רוים].

man'ciple *n.* (מענ׳-סיפּל) אַ הויז-האַלטער, אַ פּראָוויאַנט-צושטעלער [הויפּטזעכליך פון אַ לעהר-אַנשטאַלט].

man'cus *n.* (מענ׳-קאַס) אַן אַלטע אַנגלאָ-זאַקסישע מטבע [ווערטה לערך 61 סענט].

manda'mus *n. and v.* (מענ-דיי׳-מאַס) אַ געשריבענער בעפעהל פון אַ העכערען געריכט [צו אַ נידריגערען געריכט, צו אַ פּערזאָן, קערפּערשאַפט א. ז. וו.]; אַרויסגעבען אַזאַ בעפעהל, דערלאַנגען אַזאַ בעפעהל.

mandarin' *n., a. and v.* (מענ-דע-רין׳) אַ מאַנדאַרין [אַ כינעזישער בעאַמטער]; וואָס איז שייך אָדער וואָס פּאַסט פאַר אַ מאַנדאַרין; עדעל, נאָבעל; דאָס כינעזישע ענטעל [אַ קליין ענטעל מיט פערשיעדענפאַרביגע שהענע פעדערען]; יאַפּאַנעזישע פּאָרצעלייַ מיט פיגורען [הויפּטזעכליך פון מאַנדאַרינען]; מאַנדאַרין-פאַרב [אַזאַ העלע רויטליך-אָראַנזשעווע פאַרב]; פאַרבען אין מאַנדאַרין-פאַרב.

Mandarin' *n.* (מענ-דע-רין׳) די אַלגעמיין-אָנגענומענע כינעזישע שפּראַך [אין געגענזאַץ צו די פערשיעדענע דיאַלעקטען].

mandari'nate *n.* (מענ-דע-רי׳-נייט) דאָס אַמט, די מאַכט אָדער די ווירדע פון אַ מאַנדאַרין [כינעזישען בעאַמטען]; דער מאַנדאַרינען-קלאַס; אַ טייל פון לאַנד אונטער דער פערוואַלטונג פון אַ מאַנדאַרין.

mandarin' duck (מענ-דע-רין׳ דאַק) דאָס כינעזישע ענטעל [אַ קליין ענטעל מיט פערשיעדענפאַרביגע פעדערען].

mandarin'ic *a.* (מענ-דע-רינ׳-איק)

וואס איז שייך צו א מאנדארין, וואס פאסט פאר א מאנדארין [א כינעזישער בעאמטער].

mandarin'ism *n.* (מענ-דע-רינ'-איזם) דער כאראקטער אדער די מנהגים פון מאנדארינען [כינעזישע בעאמטע]; מאנ-דארינען-הערשאפט.

man'datary *n.* (מענ'-דע-טע-רי) א מאנדאטאר, אן אפעקון. ז. *mandatory*

man'date *n.* (מענ'-דייט) א מאנדאט, א בעפעהל, א בעפאלמעכטיגונג צו ווערען אפעקון איבער אייגענטום.

manda'tor *n.* (מענ-דיי'-טאר) א מאנ-דאנט, איינער וואס גיט איבער א צווייטען צו זיין אן אפעקון איבער זיין פער-מעגען, א בעפאלמעכטיגער, א בעפעהל-געבער.

man'datory *n. and a.* (מענ'-דע-טא-רי) איינער וואס האט געקראגען א מאנ-דאט, בעפעהל אדער פארשריפט; א מאנ-דאטאר, אן אפעקון איבער אייגענטום; בעפעהלענד, ענטהאלטענד א פארשריפט, וואס האט דעם כאראקטער פון א פאר-שריפט.

Some laws are permissive, others are **mandatory** in character.

man'delstone *n.* (מענ'-דעל-סטאון) דער מאנדעלשטיין [אזא הארטער שטיין].

man'dible *n.* (מענ'-דיבל) א קינבאק; דער אונטערשטער קינבאק [ביי אינזעק-טען].

mandib'ular *a.* (מענ-דיב'-יו-לאר) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א קינביין.

man'dlestone *n.* (מענ'דל-סטאון) ז. *mandelstone*

mando'la *n.* (מענ-דאו'-לא) א מאנדא-לע [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס ווי א מאנדאלינע, נאר פון א גרעסערען פארמאט].

man'dolin *n.* (מענ'-דא-לין) א מאנדאלינע [אזא מוזיקא-לישער אינסטרומענט מיט סטרונעס].

Mandolin

man'doline *n.* (מענ'-דא-לין) ז. *mandolin*

mando'ra *n.* (מענ-דאו'-רא) ז. *mandola*

mandore' *n.* (מענ-דאור') ז. *mandola*

man'drake *n.* (מענ'-דרייק) די צויבער-פלאנצע [אזא גיפ-טיגע פלאנצע, וואס פלעגט אמאל פיעל געברויכט ווערען אין מעדיצין, הויפט-זעכליך אלס איינשלעפערונגס-מיטעל. זי איז אויך געברויכט געווארען פון פאלק אלס קמיע, אלס מיטעל ארויסצורופען ליעבע].

Mandrake

man'drel *n. and v.* (מענ'-דרעל) א דרעה-באנק-שפינדעל [א רונד אייזענדעל ביי א טאק-מאשין צו בעפעסטיגען דעם גע-גענשטאנד, וואס דארף געטאקט ווערען]; געברויכען א דרעה-באנק-שפינדעל.

man'drill *n.* (מענ'-דריל) א מאנדריל, א גרויסער וועסט-אפריקאנישער באבון [אזא אפע]; א דרעה-באנק-שפינדעל. ז. *mandrel*

Mandrill

man'ducable *a.* (מענ'-דיו-קעבל) עס-באר, וואס מען קען עסען; וואס מען קען קייען.

man'ducate *v.* (מענ'-דיו-קייט) קייען, עסען.

manduca'tion *n.* (מענ-דיו-קיי'-שאן) דאס קייען, דאס עסען.

man'ducatory *a.* (מענ'-דיו-קיי-טא-רי) געברויכט צום בייסען אדער קייען [וועגען קערפער-גליעדער]; וואס קען קיי-ען אדער בייסען [וועגען אינזעקטען].

mane *n.* (מיין) א גריווע [די לאנגע האר ארום דעם האלז פון טהיערע].

man'-ea'ter *n.* (מענ'-איע'-טער) א מענשען-פרעסער; א טיגער וואס האט א בעזונדערע נייגונג צו פרעסען מענשען; א געוויסער מין האיפיש.

maned *a.* (מיינד) מיט א גריווע.

manège' *n. and v.* (מע-נייזש') א מא-נעזש [וואו מען לערענט פערד אדער וואו מען לערענט רייטען]; א רייט-שולע, א רייט-פלאץ; א מושטיר-פלאץ; די רייט-קונסט; צוימען פערד, לערנען פערד.

mane'less *a.* (מיינ'-לעס) אהן א גריווע.

man'-en'gine *n.* (מענ'-ענ'-דזשין) אזא הויב-מאשין אין טיעפע שאכטען [פאר די ארבייטער].

ma'nent (מיי'-נענט) זיי בלייבען [אן אויסדרוק אין א דראמאטישען ווערק וואס בעצייכענט, אז די אקטיארען בלייבען אויף דער ביהנע].

ma'nes *n.* (מיי'-ניז) די פערגעטערטע נשמות פון טויטע [ביי די פארצייטיגע רוימער]; די גייסטער-וועלט; גהינום-פיי-ניגונגען.

ma'net (מיי'-נעט) ער בלייבט, זי בלייבט [אן אויסדרוק אין א דראמאטי-שען ווערק, צו בעצייכנען, אז דער אק-טיאר אדער אקטריסע בלייבט אויף דער ביהנע].

maneu'ver *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) ז. *manœuver*

maneu'vre *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) ז. *manœuver*

Man Fri'day (מען פראי'-דיי) אן איי-בערגעבענער דיענער, אן איבערגעבענער נאכפאלגער [ווי עס איז געווען דער ווילד-ער, וועלכען ראבינזאן קרוזא האט געפו-נען אויף'ן פערווארפענעם אינזעל און וועלכען ער האט גערופען פרייטאג, ווייל ער האט איהם געפונען אום פרייטאג].

man'ful *a.* (מענ'-פול) מוטיג, מענליך.

The candidate took a **manful** stand in his reply to his critics.

man'fully *adv.* (מענ'-פול-אי) ווי א מאן; מיט מוטה.

man'fulness *n.* (מענ'-פול-נעס) מענ-ליכקייט, מוטיגקייט.

man'gabey *n.* (מענ'-גע-ביי) אזא מא-דאגאסקארער אפע.

man'ganate *n.* (מענ'-גע-נייט) מאנגאן-זויער זאלץ.

mangane'sate *n.* (מענ-גע-ני'-סייט) ז. *manganate*

manganese' *n.* (מענ-גע-ניעס') מאנגאן אדער ברוינשטיין [אזא מינעראל].

mangane'sian *a.* (מענ-גע-ני'-סי-ען) וואס איז שייך צו מאנגאן אדער ברוינ-שטיין [אזא מינעראל]; וואס ענטהאלט מאנגאן.

mangan'ic *a.* (מענ-גענ'-איק) וואס איז שייך צו מאנגאן אדער ברוינשטיין [אזא מינעראל].

mangan'ic ac'id (מענ-גענ'-איק עס'-איד) מאנגאן-זויערע [אזא כעמישער שטאף].

mang'corn *n.* (מענג'-קאהרן) מענגקארן [א געמיש פון פערשיעדענע תבואות].

mange *n.* (מיינדזש) קרעץ, פארך-קרעץ [ביי חיות].

man'gel-wur'zel *n.* (מענ'גל-הוואיר'צל) דער מאנגאלד-ווארצעל [א מין בורעק].

man'ger *n.* (מיינ'-דזשער) א קארעטע; דער שאפהאק [דאס ארט אויף דעם הינ-טערשטען טייל פון א שיף, וואס האלט צו-ריק דאס וואסער, וואס קומט אריין דורך די שטריק-לעכער].

man'giness *n.* (מיינ'-דזשי-נעס) קרע-ציגקייט; פארכיגקייט [ביי חיות]; שארם-טיגקייט.

man'gle *v. and n.* (מענגל) 1. צורייסען, צובערעכען, צושניידען, צוהאקען; צושטע-רען, קאליע מאכען; 2. וועלגערען, מאנג-לען [וועש]; א מאנגעל-האלץ, א וואלגער-האלץ, א וואליק.

1. The machine **mangled** the workingman's hand. 2. Some linen need only be **mangled**, but not ironed.

man'gler *n.* (מענ'-גלער) איינער וואס צושניידט אדער צורייסט; א פערדאר-בער; איינער וואס מאכט קאליע; א וועל-גערער, א מאנגלער [וואס וועלגערט וועש]; א פלייש-מיהלכעל; א מאשינקע צו האקען פלייש.

man'go *n.* (מענ'-גאו) דער מאנגא-בוים [וואקסט אין אינדיען]; די מאנגא [די פרוכט פון דיעזען בוים].

Mango

man'go-fish *n.* (מענ'-גאו-פיש) דער מאנגא=פיש [אין וועסט=אינדיען, איז ניט גרויס און איז פון גאלד=קאליר].

man'gold *n.* (מענ'-גאולד) ז. *mangel-wurzel*.

man'gold-wur'zel *n.* (מענ'-גאולד-הוואיר'צל) ז. *mangel-wurzel*.

man'gonel *n.* (מענ'-גא-נעל) א פארציטיגע קריעגס=מאשין צו ווארפען שטיינער.

man'gostan *n.* (מענ'-גא-סטען) ז. *mangosteen*.

man'gosteen *n.* (מענ'-גא-סטיען) דער מאנגאשטאנא=בוים [אזא אינדישער בוים] אדער די פרוכט פון דיעזען בוים.

man'go-tree *n.* (מענ'-גאו-טריע) דער מאנגא=בוים. ז. *mango*.

man'grove *n.* (מענ'-גראווו) דער מאנגלע=בוים אדער ווארצעל=בוים [א קליינער בוים וואס וואקסט אין בלאטיגע געגענדען אין וועסט=אינדיען און אין די ווארימע געגענדען פון אמעריקא. די קארע ווערט געברויכט צו גארבען לעדער און אויך אין מעדיצין].

Mangrove

man'grove-cuck'oo *n.* (מענ'-גראווו-קוק'-אוה) אן אמעריקאנער קוקוק=פויגעל וואס האלט זיך אין די ווארצעלבוימערוועלדער. ז. *mangrove*.

man'gy *a.* (מיינ'-דזשי) קרעציג, פארכיג; שארסטקע.

manha'den *n.* (מענ-היי'דן) ז. *menhaden*.

man'handle *v.* (מענ'-הענדל) בעווענען מיט מענשליכער קראפט, אהן דער הילף פון מאשינען, אינסטרומענטען א. ז. וו. [אויף שיפען]; גראב בעהאנדלען, ווארפען און שליידערען [אימעצען].

man'-ha'ter *n.* (מענ'-היי'-טער) א מענשען=האסער, א מיזאנטראפ.

man'-ha'ting *n.* and *a.* (מענ'-היי'-טינג) מענשען=האס, מיזאנטראפיע; מענשען=האסענד, מיזאנטראפיש.

man'heim *n.* (מענ'-האים) מאנהיימער גאלד אדער סימילאר [פון קופער און צין].

man'hole *n.* (מענ'-האול) דאס רייניגונגס=לאך [א לאך אין א מאשין, רינע א. ז. וו., דורך וועלכען א מענש קען דורכגעהן עס צו רייניגען]; א קורצער דורכגאנג אין קויהלען=גרובען; א פערטיעפונג אין דער וואנד פון א טונעל.

man'hood *n.* (מענ'-הוד) מענשליכקייט; מענליכקייט, דאס זיין א מאן; מענליכער אלטער; מוטיגקייט.

man'hood suf'frage (מענ'-הוד סאפ'-רעדזש) דאס אלגעמיינע וואהלרעכט [פאר יעדען פולל=יעהריגען מאן].

ma'nia *n.* (מיי'-ני-א) מאניע, משוגעת, וואהנזין; משיגע'נער צארן; א משוגע'נע איינבילדונג; א משוגע'נע לוסט צו עפעס; א משוגע'נע פערקאכטקייט אין עפעס.

ma'niac *n.* and *a.* (מיי'-ני-עק) א מאניאק, א משוגע'נער, א וואהנזיניגער; משוגע, וואהנזיניג.

mani'acal *a.* (מע-נאי'-ע-קעל) משוגע, וואהנזיניג.

Manichæ'an *a.* and *n.* (מענ-אי-קיע'-ען) ז. *Manichean*.

Man'ichæism *n.* (מענ'-אי-קיע-איזם) ז. *Manicheism*.

Maniche'an *a.* and *n.* (מענ-אי-קיע'-ען) מאניכייאיש, וואס איז שייך צו דער מאניכייער סעקטע; א מאניכייער. ז. *Manicheism*.

Maniche'anism *n.* (מענ-אי-קיע'-ען-איזם) ז. *Manicheism*.

Man'ichee *n.* (מענ'-אי-קיע) א מאניכייער. ז. *Manicheism*.

Man'icheism *n.* (מענ'-אי-קיע-איזם) מאניכייאיזם [די רעליגיעזע לעהרע פון מאני, מאנעס אדער מאניכייאוס, א פערזיער, וואס האט געלעבט אין דריטען יאהרהונדערט. די לעהרע איז געווען א מישמאש פון בודיזם, קריסטענטום און אנדערע רעליגיאנען. זי האט אנערקענט גוטע און שלעכטע געטער און א קאמפף צווישען ליכט און פינסטערניש. לויט דיעזער לעהרע איז דער מענשליכער קערפער דער פראדוקט פון פינסטערע כחות און די נשמה, וועלכע קומט פון קעניגרייך פון ליכט, פיהרט אימער א קאמפף מיט'ן קערפער. די מאניכייער האבען דעריבער געהאלטען פון זעלבסט=פייניגונגען. פון פערזיען האט זיך דער מאניכייאיזם פערשפרייט אין רוים און האט אויך געפונען אנהענגער צווישען אידען. די מאניכייער סעקטע האט עקזיסטירט ביז'ן זיבענטען יאהרהונדערט].

man'ichord *n.* (מענ'-אי-קאהרד) א מאניקארדיום [א מין מוזיקאלישער אינסטרומענט].

man'icure *n.* and *v.* (מענ'-אי-קיור) מאניקיור, הענד און נעגעל=פוצונג; א הענד און נעגעל=פוצער; זיך בעשעפטיגען מיט הענד און נעגעל=פוצונג.

man'icurist *n.* (מענ'-אי-קיור-איסט) א הענד און נעגעל=פוצער.

man'ifest *a.*, *n.* and *v.* (מענ'-אי-פעסט) אפענבאר, קלאר, אויגענשיינליך; א לאדונגס=מאניפעסט, א לאדונגס=פערצייכניס [וואס א שיפס=קאפיטאן שטעלט צו די צאל=בעאמטע]; מאכען אדער ארויסצייגען קלאר, אפענבאר אדער אויגענשיינליך.

man'ifestable *a.* (מענ'-אי-פעס-טעבל) וואס קען געמאכט ווערען אפענבאר, קלאר אדער אויגענשיינליך.

manifesta'tion *n.* (מענ-אי-פעס-טיי'-שאן) א מאניפעסטאציאן, אן ארויסצייגונג, אן ענטפלעקונג, אן אפענבארונג.

man'ifest des'tiny (מענ'-אי-פעסט דעס'-טי-ני) עטוואס וואס איז קלאר, אז עס מוז פאסירען, וואס מען קען פארויסזעהן און וואס איז אונפערמיידליך.

It was **manifest destiny** that slavery would be abolished in America.

man'ifestible *a.* (מענ'-אי-פעס-טיבל) ז. *manifestable*.

man'ifestly *adv.* (מענ'-אי-פעסט-לי) אויף א קלארען, אפענבארען אדער אויגענשיינליכען אופן.

It is **manifestly** impossible to cover the subject in one lecture.

man'ifestness *n.* (מענ'-אי-פעסט-נעס) אויגענשיינליכקייט, קלארקייט, דייטליכקייט.

manifes'to *n.* and *v.* (מענ-אי-פעס'-טאו) א מאניפעסט, אן עפענטליכע ערקלערונג [הויפטזעכליך פון א הערשער אדער פון א רעגיערונג]; ארויסלאזען א מאניפעסט.

man'ifold *a.*, *adv.*, *n.* and *v.* (מענ'-אי פאולד) פיעלפאכיג; פערשיעדענארטיג; פיעלפאך; א פיעלפאכיגע זאך; א קאפיע פון א העקטאגראף אדער אנדער אפאראט צו קאפירען שריפטען; א רעהר מיט מעהרערע לעכער ארייננצופאסען אין איהם אנדערע רעהרען; אין דער קאנטישער פילאזאפיע — דער סך הכל פון א רייה ערפאהרונגען וועלכע זיינען אויפגענומען אלס איינדריקע פון די חושים, אבער זיי זיינען נאך ניט ארגאניזירט און בעארבייט פון פערשטאנד; אין מאטעמאטיק — א קלאס, אן אגרעגאט, א צאהל אביעקטען וועלכע זיינען געבראכט אונטער איין סיסטעם; פערפיעלפאכען; מאכען מעהרערע קאפיעס פון איין זאך [ווי פון א בריעף, א דאקומענט א. ד. ג.].

man'ifolder *n.* (מענ'-אי-פאול-דער) א העקטאגראף [אדער אן אנדער עהנליכע פארריכטונג צו מאכען מעהרערע קאפיעס]; איינער וואס מאכט מעהרערע קאפיעס מיט דער הילף פון א העקטאגראף. ז. *hectograph*.

man'ifoldly *adv.* (מענ'-אי-פאולד-לי) מיט פיעלפאכיגקייט.

man'ifoldness *n.* (מענ'-אי-פאולד-נעס) פיעלפאכיגקייט; פערשיעדענארטיגקייט; אין מאטעמאטיק — די צאהל פון די פערשיעדענע פרימער=צאהלען וואס א געוויסע צאהל ענטהאלט אין זיך [צ. ב. די צאהל פרימערע צאהלען אין דער צאהל 15 זיינען דריי, ד. ה. 5, 3, 1, ווייל דיעזע צאהלען קענען געטיילט ווערען נור אויף זיך אליין און דורך זיי קען געטיילט ווערען די צאהל 15]; אן אגרעגאט, א געזאמטהייט, אן אלגעמיינער בעגריף פון א מאטעמאטישער גרעסע וואס שליסט איין אין זיך פערשיעדענע ספעציעלע בעגריפען, צ. ב. רוים אדער פלאץ איז אן אגרעגאט אדער געזאמטהייט פון אלע פונקטען וואס זיינען אין איהם ענטהאלטען.

man'ifold-pa'per *n.* (מענ'-אי-פאולד-פיי'-פער) העקטאגראף=פאפיער. ז. *hectograph*.

man'ifold-wri'ter *n.* (מענ'-אי-פאולד-ראי'-טער) א העקטאגראף. ז. *hectograph*.

man'iform *a.* (מענ'-אי-פארם) האנדפערמיג.

manigl'ion *n.* (מע-ניל'-יאן) אזא הענטעל ביי הארמאטען פון אלטען טיפ.

man'ihot *n.* (מענ'-אי-האט) ז. *manioc*.

man'ikin *n.* (מענ'-אי-קין) א קארליק, א צווערג, א קליין מענשעלע; א מאדעל פון א מענשליכער פיגור.

Manil'a *n.* (מע-ניל'-א) מאנילא, די הויפט=שטאדט פון די פיליפינישע אינזלען.

manil'a *n.* (מע-ניל'-א) א מאנילער ציגאר [אזא זארט ציגאר וואס ווערט פאבריצירט אין מאנילא, די הויפט=שטאדט פון די פיליפינישע אינזלען]; מאנילא=האנף, מאנילא=קאנאפליע [אזא גראז וואס וואקסט אויף די פיליפינען].

manil'a pa'per (מע-ניל'-א פיי'-פער) מאנילא=פאפיער [אזא זארט שטארקעס, ברוינליכעס פאפיער].

manil'io *n.* (מע-ניל'-יאו) א מין ארם=באנד אדער בראסלעט וואס ווערט געטראגען פון די ווילדע אין אפריקא.

manil'la *n.* (מע-ניל'-א) א מעטאלענער ארם=באנד אדער בראסלעט וואס ווערט געטראגען פון געוויסע שבטים אין וועסט=אפריקא און ווערט בענוצט פון זיי אלס

געלד; איז פערשיעדענע קארטען=שפיעלען — דער צווייטער בעסטער טרומף.

man in the moon (מען אין טהי מוהן) דאס מענשליכע געזיכט, וואס מען זעהט, ווי עס שיינט, אין דער לבנה.

man'ioc *n.* (מענ'-אי-אק) די קאסאווע פלאנצע אדער מאניאק; די פראדוקטען פון דער קאסאווע פלאנצע [א נאהרהאפטע פלאנצע אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא].

man'iple *n.* (מענ'-איפל) אזא שמאלער באנד וואס ווערט געטראגען אויף'ן לינקען ארם פון די קאטוילישע גלחים אין דער צייט פון גאטעסדיענסט; א הויפען, א האנד=פול; א קליינע ראטע סאלדאטען [אין פארצייטיגען רוים].

man'iplies *n.* (מענ'-אי-פלאיז) ז. *manyplies*

manip'ular *a.* (מע-ניפ'-יו-לאר) מאניפולירענד, בעהאנדלענד אדער ארבייטענד מיט די הענד; וואס איז שייך צו א קליינע ראטע סאלדאטען [אין פארצייטיגען רוים].

manip'ulate *v.* (מע-ניפ'-יו-לייט) 1. מאניפולירען, אומגעהן מיט עפעס, ארבייטען מיט די הענד; בעהאנדלען מיט די הענד; בעארבייטען; צוגרייטען, צופערטיגען; 2. סחור=מכר'ען, שווינדלען, פאלען אויף פערשיעדענע המצאות.

1. The doctor **manipulated** the broken leg and set the parts together.

manip'ulate stocks (מע-ניפ'-יו-לייט סטאקס) קינסטליך, דורך המצאות בעאיינפלוסען דעם קורס אויף דער בערזע.

The broker **manipulated** the stocks of the railroad in which he was a director.

manipula'tion *n.* (מע-ניפ-יו-ליי'-שאן) מאניפולאציאן, די בעהאנדלונג מיט די הענד; די בעארבייטונג מיט די הענד; די צוגרייטונג, די צופערטיגונג; דאס שווינדלען אדער אנווענדען המצאות.

manip'ulative *a.* (מע-ניפ'-יו-ליי-טיוו) מאניפולירענד; וואס בעהאנדעלט אדער בעארבייט מיט די הענד; צוגרייטענד, צופערטיגענד; וואס ווענדט אן קונצען אדער המצאות.

manip'ulator *n.* (מע-ניפ'-יו-ליי-טאר) 1. איינער וואס מאניפולירט, איינער וואס בעהאנדעלט עפעס מיט די הענד; 2. א שווינדעל=קאפ, א דרעה=קאפ.

2. The business world regards him as a **manipulator** and therefore distrusts his undertakings.

manip'ulatory *a.* (מע-ניפ'-יו-ליי-טא-רי) מאניפולירענד, בעהאנדלענד אדער בעארבייטענד מיט די הענד.

man'ito *n.* (מענ'-אי-טאו) א גייסט, א ניט=גוטער [ביי געוויסע אינדיאנער שבטים אין אמעריקא].

man'itou *n.* (מענ'-אי-טוה) ז. *manito*

man it out (מען איט אוט) זיך האלטען ווי א מאן, זיך האלטען מוטיג, דרייסט.

mankind' *n.* (מענ-קאינד') די מענשליכע ראסע, דאס מענשליכע געשלעכט, די מענשהייט; דאס מענליכע געשלעכט, מאנסלייט.

man'less *a.* (מענ'-לעס) מענשענלאז, ניט בעוואהנט פון מענשען.

man'like *a.* (מענ'-לאיק) מענליך, מאנהאפט, ווי א מאן.

man'lily *adv.* (מענ'-לי-לי) מאנהאפט, העלדיש.

man'liness *n.* (מענ'-לי-נעס) מענליכקייט, מאנהאפטיגקייט.

man'ly *a. and adv.* (מענ'-לי) מענליך, מאנהאפט; אויף א מאנהאפטען שטייגער.

man'-made *a.* (מענ'-מייד) געמאכט פון מענשליכע הענד.

man'-mid'wife *n.* (מענ'-מיד'-הוואיף) א געבורטס=העלפער, א אקושער.

man'-mil'liner *n.* (מענ'-מיל'-אי-נער) א מאדיסט, א מאדען=הענדלער.

man'na *n.* (מענ'-א) מן [וואס אידען האבען געגעסען אין דער מדבר]; הימעל=ברויט, הימעל=שפייז; גייסטיגע שפייז; אזא זיסער זאפט וואס ווערט ערהאלטען פון דעם מאנא=בוים און ווערט בענוצט אין מעדיצין.

man'na-croup *n.* (מענ'-א-קרוהפ) מאנא=גרייפלעך.

man'ner *n.* (מענ'-ער) דער אופן, דער שטייגער, די ארט, די וויזע, די מאניער; א געוועהנהייט, א זיטע, א מנהג; א זארט.

man'nered *a.* (מענ'-ערד) געזיטעט, וואס האט זיטען, וואס האט מאניערען; ניט נאטירליך, געקינסטעלט; איינפערמיג, איינארטיג.

man'nerism *n.* (מענ'-ער-איזם) איינארטיגקייט, איינפערמיגקייט; דאס האלטען זיך שטענדיג ביי געוויסע מאניערען [אין ריידען, שרייבען, מאלען א. ד. ג.]; אייגענארטיגקייט.

man'nerist *n.* (מענ'-ער-איסט) איינער וואס האט שטענדיגע געוויסע מאניערען אין ריידען, שרייבען, מאלען א. ד. ג.

man'nerless *a.* (מענ'-ער-לעס) אהן מאניערען, אונגעזיטעט.

man'nerliness *n.* (מענ'-ער-לי-נעס) מאניערליכקייט, העפליכקייט, גוטע בענעהמונג.

man'nerly *a. and adv.* (מענ'-ער-לי) וואויל=געזיטעט, העפליך, מאניערליך, דרך=ארץ'דיג; מיט גוטע מאניערען; מיט דרך=ארץ, מיט העפליכקייט.

man'ners *n.* (מענ'-ערז) גוטע בענעהמונג, גוטע זיטען, דרך=ארץ, העפליכקייט.

man'nikin *n.* (מענ'-אי-קין) ז. *manikin*

man'nish *a.* (מענ'-איש) ווי א מאן, מאנהאפט, מענליך, העלדיש.

man'nishly *adv.* (מענ'-איש-לי) אויף א מאנהאפטען שטייגער; מיט דרייסטקייט; מיט מוטה.

man'nishness *n.* (מענ'-איש-נעס) מענליכקייט, מאנהאפטיגקייט, דרייסטקייט, מוטיגקייט.

man'nite *n.* (מענ'-איט) מאניט, מאנא=צוקער [אזא זיסער שטאף וואס געפינט זיך אין פערשיעדענע פלאנצען].

mannit'ic *a.* (מע-ניט'-איק) וואס ענטהאלט אדער וואס איז שייך צו מאניט. ז. *mannite*

manœu'ver *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) א מאנעווערע; א קונציגער איינפאל אבצוציהען די אויפמערקזאמקייט; מאכען א מאנעווערע, מושטירען.

manœu'vre *n. and v.* (מע-נוה'-ווער) ז. *manœuver*

man of blood (מען אוו בלאד) א בלוט=דורשטיגער מענש, א מערדער.

man of busi'ness (מען אוו ביז'-נעס) א געשעפטס=מענש, א געשעפטס=פערוואלטער.

man of fig'ures (מען אוו פיג'-יורז) א בעל=חשבון.

man of let'ters (מען אוו לעט'-ערז) א ליטעראט, א שרייבער; א ליטערארישער מענש.

man of straw (מען אוו סטראה) א שטרויענער מענש, א מענש אהן ווילען, א מענש מיט א שוואכען כאראקטער; אן אויסגעטראכטע, פיקטיווע פערזאן, אן אונטערגעשטעלטער מענש.

man of the world (מען אוו טהי הוואירלד) א וועלטליכער מענש; אן ערפאהרענער מענש.

man of war (מען אוו הוואהר) א סאלדאט; א גרויסע קריעגס=שיף.

man'-of-war' *n.* (מענ'-אוו-הוואהר') א גרויסע קריעגס=שיף.

man'-of-war's'-man *n.* (מענ'-אוו-הוואהרז'-מען) א מאטראז אויף א קריעגס=שיף.

manom'eter *n.* (מע-נאמ'-ע-טער) א מאנאמעטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען דעם דרוק פון גאזען אדער דאמפף].

Manometer

manomet'ric *a.* (מענ-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א מאנאמעטער; געמאסטען מיט א מאנאמעטער. ז. *manometer*

manomet'rical *a.* (מענ-א-מעט'-רי-קעל) ז. *manometric*

man'or *n.* (מענ'-אר) א פריצישער הויף; דער דיסטריקט איבער וועלכען א פעאדאלער בעראן האט געהערשט; דאס גוט וואס בעלאנגט צו א לארד.

man'or-house *n.* (מענ'-אר-האוס) א הויז אין א פריצישען הויף.

mano'rial *a.* (מע-נאו'-רי-על) וואס געהערט צו א לאנד=גוט אדער צו א פריצישען הויף.

man'or-seat *n.* (מענ'-אר-סיעט) ז. *manor-house*

man'oscope *n.* (מענ'-א-סקאופ) ז. *manometer*

manos'copy *n.* (מע-נאס'-קא-פי) דער טייל פון פיזיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער בעשטימונג פון דער געדיכטקייט פון גאזען און דונסט [פארע].

man'-pow'er *n.* (מענ'-פאו'-ער) די ארבייט וואס ווערט געוועהנליך געטהאן פון א מענשען אין א בעשטימטער צייט; מאשינעריע בעטריבען פון מענשליכער קראפט.

man'-rope *n.* (מענ'-ראופ) איינער פון די צוויי ווערטיקאל=הענגענדע שטריק, וועלכע בילדען אוים א שטריק=לייטער אויף א שיף.

man'sard *n.* (מענ'-סארד) א מאנסארדע, א דאך מיט א צווייענדיגער משופע'דיגקייט; א צימער אויף דעם בוידעם אונטער אזא דאך.



Mansard

man'sard roof (מענ'-סארד רוהף) ז. *mansard*

manse *n.* (מענס) די וואהנונג פון א גלח נעבען א קירך; א לאנדהויז.

man'-ser'vant *n.* (מענ'-סויר'-ווענט) א דיענער, א לאקיי.

man'sion *n.* (מענ'-שאן) א פריציש הויז, א גרויס הויז; א וואהנונג; אין מיטעלאלטערליכער אסטראנאמיע — איינער פון די 28 טיילען, אויף וועלכע עס איז צוטיילט דער זאדיאק אדער דער קרייז פון די צוועלף מזלות.

man'sionary *a.* (מענ'-שאנ-ע-רי) וואהנהאפט; וואו איינער וואהנט; וואו עפעס געפינט זיך.

Man'sion-house *n.* (מענ'-שאנ-האוס)

דאס אפיציעלע הויז, וואו עס וואהנט דער לארד-מעיאר [לארד=מאיאר] פון לאנדאן.

man'sion-house *n.* (מענ'-שאנ-האוס) ז. *manor-house*

man'slaughter *n.* (מענ'-סלאה-טער) מענשען=מארד; א מענשען=מארד בעגאנגען אהן איבערלעגונג, אין א גרויסער אויפרעגונג אדער אונטער אויסערארדענטליכע אומשטענדען.

man'slayer *n.* (מען'-סליי-ער) א מערדער.

man'stealer *n.* (מענ'-סטיע-לער) א מענשען=רויבער, א מענשען=גנב [איינער וואס גנב'עט א מענשען מייסטענס מיט דעם ציעל צו פערקויפען איהם אין שקלאפעריי].

man'stealing *n.* (מענ'-סטיע-לינג) מענשען=רויב, מענשען=גנבה; דאס גנב'ענען מענשען, איבערהויפט צו פערקויפען זיי אין שקלאפעריי.

man'swear *v.* (מענ'-סהווערר) שווערען פאלש; געבען א פאלשע שבועה; זאגען פאלשע עדות.

man'teau *n.* (מענ'-טאו) א מאנטעל, א בגד; א פרויען=ראק.

man'tel *n.* (מענ'טל) א קאמין, א געזימס אדער א פאליצע איבער א קאמין.

man'telboard *n.* (מענ'טל-באורד) דאס ברעטעל אדער די פאליצע איבער א קאמין.

man'tel-clock *n.* (מענ'טל-קלאק) א זייגער וואס שטעהט אויף דעם ברעטעל אדער פאליצע איבער א קאמין.

man'telet *n.* (מענ'-טעל-עט) א קליין פרויען מענטעלע; א קליינער מאנטעל אהן ארבעל, וועלכען עס פלעגען אמאל טראגען ריטער און אדעליגע; א שוץ=וואנד, וועלכע סאלדאטען געברויכען אין מלחמה; א בעוועגליכער דאך צו בעשיצען די בעלאגערער פון א פעסטונג; א בעוועגליכע שוץ=וואנד וואס ווערט געברויכט פון יעגער.

man'telpiece *n.* (מענ'טל-פיעס) די דעקאראציאן פון דעם אויבערדעק פון א קאמין.

man'tel-set *n.* (מענ'טל-סעט) א גאנג אדער גארניטור פון געגענשטענדע וואס שטעלען זיך אויס אויף דעם אויבערשטען ברעטעל פון א קאמין.

man'tel-shelf *n.* (מענ'טל-שעלף) ז. *mantelpiece*

man'teltree *n.* (מענ'טל-טריע) א ברעט אדער א ציגעל=געוועלב איבער א קאמין.

man'tian *a.* (מענ'-טיען) ז. *mantic*

man'tic *a.* (מענ'-טיק) פראפעטיש, נביא'יש.

man'ticore *n.* (מענ'-טי-קאור) א לעגענדארע בעשעפעניש וואס האט א קאפ פון א מענשען און א גוף פון א רויב=חיה; א מין אונבעשטימטע אדער ניט עקזיסטירענדע אפע.

man'tiger *n.* (מענ'-טי-דזשער) ז. *manticore*

mantil'la *n.* (מענ-טיל'-א) א מאנטיליע; א פרויען נאכט=מיץ; א לייכטע טוך וואס ווערט איבערגעווארפען איבער א פרויען=קלייד.

Man'tis *n.* (מענ'-טיס) א מין היישעריקען, ביי וועלכע די פאדערשטע פיס זיינען אזוי געבויט, דאס ווען זיי ערווארטען זייער רויב נעהמען זיי אן א פאזע ווי איינער וואס דאווענט מיט אויסגעשטרעקטע הענד. צייכנען זיך אויס מיט זייער רויבגיעריגקייט. גאנץ אפט ביים געשלעכטליכען פערקעהר עסט אויף די נקבה דעם זכר.

Mantis

mantis'sa *n.* (מענ-טיס'-א) אין מאטעמאטיק — די מאנטיסע אדער די דעצימאל=ציפערען פון א לאגאריטמוס; א צוגאב, א צולעג.

man'tle *n. and v.* (מענ'טל) א מאנטעל, א שלייער, אן איבערדעקונג; אן אויסווערטיגע בעדעקונג אדער בעשלאג פון א וואנד; ביי מעטאל=גיסען — די ליים, מיט וועלכער מען לעגט ארום א פארעם אדער מאדעל פון וואקס [פון היץ ווערט דער וואקס צוגאנגען און די ליים=בעדעקונג בילדעט אוים דעם פורעם]; דער שטייניגער בעשלאג פון א שמעלץ=אויווען; אין אנאטאמיע — א טייל אדער ארגאן פון קערפער, וועלכער פערדעקט אן אנדער טייל אדער ארגאן; דאס אויבערשטע הייטעל פון א מאלוסקעל; אן ארט דעקאראציאן פון א הערב; דאס געזימס אדער ברעטעל איבער א קאמין; א שאטקע אדער גליה=מאנטעל [א מין היטעלע געוועבט פון באוועל און דורכגעווייקט אין געוויסע כעמישע שטאפען, וועלכע טהוט זיך אן אויף'ן רעהר פון א גאז=לאמפ און דיענט צו מאכען דאס פייער פון לאמפ פיעל העלער]; איינדעקען אין א מאנטעל, פערדעקען, פערשלייערען; דיענען אלס א מאנטעל, שלייער אדער צודעק; בעדעקען זיך מיט עפעס [ווי מיט שמאנט ביי מילך אדער מיט שוים ביי וואסער א. ד. ג.]; פאנאנדערלאזען די פליגלען: ווערען לוסטיג, לעבעדיג; בייטען די פארבען; רויט ווערען [אין געזיכט].

man'tlepiece *n.* (מענ'טל-פיעס) ז. *mantelpiece*

man'tlet *n.* (מענ'-טלעט) ז. *mantelet*

man'tletree *n.* (מענ'טל-טריע) ז. *manteltree*

mant'ling *n.* (מענט'-לינג) א מין צייג פאר מאנטלען.

mantol'ogy *n.* (מענ-טאל'-א-דזשי) וואהרזאגונג, נביאות=זאגונג; דאס טרעפען.

man'-trap *n.* (מענ'-טרעפ) א מענשען=פאסטקע [א פאסטקע איבערהויפט פאר די, וואס טרעטען איבער אן אנדערענס פלאץ, הויף אדער פעלד]; א לאך וואו א מענש קען אונגערן אריינפאלען.

man'tua *n.* (מענ'-טשו-א) אזא לויזער פארצייטיגער פרויען=מאנטעל.

man'tua-ma'ker *n.* (מענ'-טשו-א-מיי'-קער) א דאמען=שניידער; א מאדיסטקע.

Man'u *n.* (מענ'-אוה) אין דער אינדישער מיטאלאגיע — מאנו, דער ערשטער מענש, דער פאטער פון מענשליכען געשלעכט; דער לעגענדארער אויטאר פון די עלטעסטע אינדישע געזעצען וואס זיינען געשריבען אין דער סאנסקריטישער שפראך אין א בוך, וואס רופט זיך "דאס בוך פון מאנו".

man'ual *a. and n.* (מענ'-יו-על) וואס איז שייך צו דער האנד; געמאכט מיט דער האנד; א האנד=בוך; א בוך מיט קורצע ערקלערונגען איבער א וויסענשאפט אדער מיט קורץ=געפאסטע רעגעלען וועגען א געוויסער זאך; דאס געבעט=בוך פון דער אלטער קאטוילישער קירך אין ענגלאנד; די קלאוויאטור אדער די ביינדלעך פון אן ארגאן; א האנד=מאשין ביי די פייער=לעשער.

man'ual al'phabet (מענ'-יו-על על'-פע-בעט) פינגער א"ב [אין דער פינגער=שפראך געברויכט פון שטומע]. ז. *finger-alphabet*

man'ual ar'ticles (מענ'-יו-על אר'-טיקלז) גאנגבארע סחורות.

man'ual ex'ercise (מענ'-יו-על עק'-סער-סאיז) אין מיליטער — די איבונגען ווי אזוי צו האלטען די ביקס און אנדערע געוועהר לויט געוויסע רעגעלען.

man'ual goods (מענ'-יו-על גודז) ז. *manual articles*

man'ualist *n.* (מענ'-יו-על-איסט) א האנדווערקער, א האנד=ארבייטער.

man'ual-key *n.* (מענ'-יו-על-קיע) א ביינדעל פון דער קלאוויאטור פון אן ארגאן.

man'ually *adv.* (מענ'-יו-על-אי) מיט די הענד; דורך די הענד.

manufac'tory *n.* (מענ-יו-פעק'-טא-רי) א מאנופאקטור, א פאבריק, א ווערקהויז.

manufac'tural *a.* (מענ-יו-פעק'-טשו-רעל) וואס איז שייך צו מאנופאקטור אדער פאבריצירטע וואארען; פון א פאבריק; וואס איז אויסגעארבייט אדער פראדוצירט.

manufac'ture *n. and v.* (מענ-יו-פעק'-טשור) מאנופאקטור, פאבריקאציע; פאבריטשנע ארבייט; פאבריצירען, אויסארבייטען, פערפערטיגען, מאכען.

manufac'turer *n.* (מענ-יו-פעק'-טשור-ער) א פאבריקאנט.

manufac'turing *n. and a.* (מענ-יו-פעק'-טשור-אינג) דאס פאבריצירען; די אינדוסטריע=סיסטעם, וועלכע פראדוצירט פאבריק=וואארען; פאבריצירענד; וואס איז שייך צו מאנופאקטור אדער פאבריקאציאן; אינדוסטריעל.

manumis'sion *n.* (מענ-יו-מיש'-אן) די פריי=לאזונג פון שקלאפען; עמאנציפאציאן.

manumit' *v.* (מענ-יו-מיט') פריי לאזען פון שקלאפעריי; עמאנציפירען.

manumo'tor *n.* (מענ-יו-מאו'-טאר) א קליין וועגעל אויף רעדער וואס האט א פרוזשינע און דער מענש וואס זיצט אין איהם קען איהם בעוועגען אין אלע ריכטונגען מיט די הענד.

manur'able *a.* (מע-ניור'-עבל) וואס מען קען בעמיסטיגען און מאכען פרוכטבאר [וועגען לאנד].

manure' *n. and v.* (מע-ניור') מיסט [צו בעמיסטיגען פעלדער]; בעמיסטיגען.

manure'-distrib'uter *n.* (מע-ניור'-דיס-טריב'-יו-טער) ז. *manure -spreader*

manure'-drag *n.* (מע-ניור'-דרעג) אין אגריקולטור — א מין גראבליע מיט לאנגע אויסגעבויגענע צייהנער אויפצוהויבען און איבערוווארפען מיסט אויף פעלדער.

manure'-drill *n.* (מע-ניור'-דריל) אין אגריקולטור — אן אפאראט, וואס איז צוגעגעבען צו א זייה=מאשין און וועלכער שיט פאנאנדער צומאהלטע בעמיסטיגונג; א מין וואגען, וועלכער גיסט פא-

נאנדער פליסיגע בעמיסטיגונג איבער א פעלד.

manure′-fork *n.* (מע-ניור׳-פאהרק) א גרויסער גאפעל, מיט וועלכען מען הויבט אויף מיסט.

manure′-hook *n.* (מע-ניור׳-הוק) ז. *manure-drag*.

manure′-loa′der *n.* (מע-ניור׳-לאו׳-דער) א מין גראבליע, געפיהרט פון א פערד, מיט וועלכער מען נעהמט אן מיט איין מאל א קופע מיסט צו לעגען אין א וואגאן.

manur′er *n.* (מע-ניור׳-ער) א בע־מיסטיגער פון פעלדער.

manure′-spread′er *n.* (מע-ניור׳-ספרעד׳-ער) א מאשין צו בעמיסטיגען א פעלד.

manu′rial *a.* (מע-ניו׳-רי-על) וואס איז שייך צו בעמיסטיגונגס־שטאף; וואס דיענט פאר בעמיסטיגונג; וואס מאכט פרוכטבאר.

ma′nus *n.* (מיי׳-נאס) דער האנד; די פאדערשטער פוס ביי א פיערפיסיגער חיה; די קלעשנעס פון א ראק; אין רוי־מישער געזעצגעבונג — די מאכט פון איין פערזאן איבער אן אנדערער [ווי די מאכט פון א מאן איבער דער פרוי].

man′uscript *n. and a.* (מענ׳-יו-סקריפט) א מאנוסקריפט, א כתב־יד; געשריבען מיט דער האנד [ניט גע־דרוקט].

manustupra′tion *n.* (מענ-יו-סטיו-פריי׳-שאן) ז. *masturbation*.

man′utype *v. and n.* (מענ׳-יו-טאיפ) דרוקען מיט דער האנד; זעצען שריפט אות באות; דאס וואס איז געדרוקט מיט דער האנד [ווי מיט א שרייב־מאשין].

man′utyper *n.* (מענ׳-יו-טאי-פער) איינער וואס דרוקט מיט דער האנד [ווי מיט א שרייב־מאשין].

man′-wor′ship *n.* (מענ׳-הוואיר׳-שיפ) די פערגעטערונג פון א מענשען; דאס בעציהען זיך צו א מענשען ווי צו א גאט.

man′y *a. and n.* (מענ׳-אי) פיעלע, מאנכע; פון א געוויסער צאהל; א מענגע, א מאסע, א סך.

man′y a man (מענ׳-אי ע מען) כמעט אלע; פיעל מענשען.

Many a man would gladly accept a public office.

man′y a one (מענ׳-אי ע הוואן) אלע; יעדער איינער; פיעלע.

man′y a time (מענ׳-אי ע טאים) אפט־מאל.

Many a time did the teacher punish the pupil.

man′y-col′ored *a.* (מענ׳-אי-קאל׳-ארד) פיעל־פארביג.

man′y-cor′nered *a.* (מענ׳-אי-קאר׳-נערד) פיעל־קאנטיג, פיעל־עקיג; מיט פיעל ווינקלען.

man′y-fol′ded *a.* (מענ׳-אי-פאול׳-דעד) פיעל מאל צונויפגעלעגט; פיעל־פאכיג.

man′y-head′ed *a.* (מענ׳-אי-העד׳-עד) פיעל־קעפיג [ווענען לעגענדארע משונה׳דיגע בעשעפענישען אדער ווענען אן אויפגערייצטער פאלקס־מאסע].

man′yplies *n.* (מענ׳-אי-פלאיז) דער דריטער מאגען פון א מעלה גרה חיה, וועלכער בעשטעהט פון א רייהע הייטלעך וואס ליעגען איינע אויף די אנדערע.

man′y-si′ded *a.* (מענ׳-אי-סאי׳-דעד) פיעלזייטיג; מיט פיעל פעהיגקייטען אדער טאלאנטען.

man′y-si′dedness *n.* (מענ׳-אי-סאי׳-דעד-נעס) פיעלזייטיגקייט; דאס האבען פיעלפאכיגע פעהיגקייטען; דאס האבען א ברייטען בליק.

man′yways *adv.* (מענ׳-אי-הוועיז) ז. *manywise*.

man′ywise *adv.* (מענ׳-אי-הואיז) פערשיעדענארטיג; דורך פערשיעדענע וועגען.

map *n. and v.* (מעפ) א לאנד־קארטע, א קארטע, א וועלט־קארטע; א בעצייכנונג פון עפעס; צייכנען א לאנד־קארטע; מא־כען א צייכנונג פון עפעס.

ma′ple *n. and a.* (מייפל) דער אהארן אדער קליאן [א בוים וואס וואקסט אין אלע מיטעלמעסיגע צפון־געגענדען פון דער וועלט. זיין האלץ ווערט געברויכט אין פערשיעדענער טישלער־ארבייט. איי־ניגע מינים גיבען ארויס א זאפט, פון וועלכען מען זידט אויס א סירופ און פון וועלכען מען מאכט אויך צוקער]; וואס בעשטעהט אדער וואס איז געמאכט פון קליאן־האלץ.

ma′ple molas′ses (מייפל מא-לעס׳-עז) ז. *maple sirup*.

ma′ple sir′up (מייפל סיר׳-אפ) א סי־ראפ וואס ווערט געמאכט דורך אויס־זידען דעם זאפט פון אן אהארן אדער קליאן. ז. *maple*.

ma′ple sug′ar (מייפל שוג׳-אר) א מין ברוינער צוקער פון דעם זאפט פון אן אהארן אדער קליאן. ז. *maple*.

ma′ple-tree *n.* (מיי׳פל-טריע) ז. *maple*.

map′-meas′urer *n.* (מעפ׳-מעזש׳-אור-ער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דיס־טאנץ אדער דעם מרחק אויף א לאנד־קארטע.

map′-moun′ter *n.* (מעפ׳-מאונ׳-טער) אן ארבייטער, וועלכער ארבייט ביי לאנד־קארטען [ווי אונטערקלעפען זיי מיט לייווענד, זיי לאקירען א. ז. וו.].

map′pery *n.* (מעפ׳-ע-רי) דאס צייכנען לאנד־קארטען; דאס שטודירען לאנד־קארטען.

mar *v. and n.* (מאר) 1. פערדארבען, שעדיגען; קאליע מאכען; צושטערען; 2. פערפלעקען; א פלעק, א קלעק; א בע־שעדיגונג; 3. א צייכען פון א קלאפ [א סיניאק].

1. The bad weather will mar the proposed out-door celebration.

mar′abou *n.* (מער׳-ע-בוה) א מארא־בו אדער בייטעל־שטארך [אזא שטארך, וועמענס פעדערען ווערען געברויכט פאר היט־בעפוצונג]; א מאראבו־פעדער; אזא ווייסער רויהער זייד; א מולאט.

mar′abou-stork *n.* (מער׳-ע-בוה-סטאהרק) א מאראבו. ז. *marabou*.

Mar′about *n.* (מער׳-ע-בוהט) א מוה־רישער פריסטער אדער הייליגער.

mar′about *n.* (מער׳-ע-בוה) א מא־ראבו. ז. *marabou*.

mar′-all *n.* (מאר׳-אהל) א צומישטער קאפ; איינער וואס שטערט איבעראל וואו ער מישט זיך אריין.

maranath′a *n.* (מער-ע-נעטה׳-א) א פלוך־ווארט וואס די קריסטען פלעגען אמאל געברויכען ביים אריינלעגען אין חרם.

mara′no *n.* (מא-רא׳-נאו) א מאראן [א איר אדער מאכמעדאנער וואס האט אין מיטעלאלטער געצוואונגענערהייד לפנים אנגענומען קריסטענטום].

maraschi′no *n.* (מער-עס-קיע׳-נאו) מאראסקינא [איטאליענישער ליקער].

maras′mic *a.* (מע-רעז׳-מיק) וואס איז שייך צו מאראזמוס [אויסצעהרונג, סוכאטע, דער]; וואס ליידט פון מאראז־מוס.

maras′moid *a.* (מע-רעז׳-מאיד) עהנ־ליך צו מאראזמוס, וואס ליידט פון מא־ראזמוס [אויסצעהרונג, סוכאטע, דער].

maras′mus *n.* (מע-רעז׳-מאס) מאראז־מוס [אויסצעהרונג, סוכאטע, די דער].

marasqui′no *n.* (מער-עס-קיע׳-נאו) ז. *maraschino*.

Mar′athon *n.* (מער׳-ע-טהאן) ז. *Marathon race*.

Mar′athon race (מער׳-ע-טהאן רייס) דער מאראטהאנישער וועט־לויף [א וועט־לויף אויף א גרויסער שטרעקע, אלס נאכאהמונג פון די וועט־לויפען אין פאר־צייטיגען גריכענלאנד ביי די פיער־יעהר־ליכע אלימפישע שפיעלען].

maraud′ *v. and n.* (מע-ראהד׳) מארא־דירען, ארויסגעהען אויף רויב, רויבען [הויפטזעכליך ווענען סאלדאטען אין צייט פון קריעג]; דאס מאראדירען; סאלדאטען־רויב [בעת א מלחמה].

marau′der *n.* (מע-ראה׳-דער) א מא־ראדער, א פלינדערער, א רויבער [הויפט־זעכליך א סאלדאט א רויבער אין צייט פון מלחמה].

mar′ble *n., a. and v.* (מארבל) מיר־מעל־שטיין, מארמאר; א מארמאר־קונסט־ווערק; א מארמאר־סטאטוע, א מארמאר־פלאטע מיט אן אויפשריפט [הויפטזעכ־ליך א פארצייטיגע]; א שפיעל־צייכען [פאר קינדער]; אין גלאז־פאבריקאציאן — א שטיק האלץ מיט האלב־קיילעכדיגע אויסהוילונגען, וואס דיענען אלס פורעמס פאר פלעשער און עהנליכע קיילעכדיגע זאכען; עהנליך צו מארמאר, געמאכט פון מארמאר; פערשיעדענפארביג; הארט, קאלט, אונעמפפינדליך; מאכען עהנליך צו מארמאר.

mar′ble-breas′ted *a.* (מאר׳בל-ברעס׳-טעד) אהן געפיהלען, מיט א שטיינערנעם הארץ.

mar′ble-cut′ter *n.* (מאר׳בל-קאט׳-ער) א מארמאר־שניידער, א מארמאר־שליי־פער; אן אינסטרומענט אדער מאשין צו שניידען מארמאר.

mar′bled *a.* (מארבלד) געמאכט עהנליך צו מארמאר, פערשיעדענפארביג.

mar′ble-edged *a.* (מאר׳בל-עדזשד) מיט ברעגעס וואס זיינען עהנליך צו מאר־מאר־פאפיער, מיט פערשיעדענפארביגע ברעגעס [ווי למשל א בוך].

mar′ble-hand′saw *n.* (מאר׳בל-הענד׳-סאה) אזא האנד־זעגעל צו שניידען מארמאר.

mar′ble-hear′ted *a.* (מאר׳בל-האר׳-טעד) הארטהערציג, אהן געפיהלען.

mar′bleize *v.* (מאר׳בל-איז) מארמארי־רען, מאכען עהנליך צו מארמאר, מאכען פערשיעדענפארביג.

mar′ble-paste *n.* (מאר׳בל-פייסט) אזא ווייסער פארצעליי־קליי [געברויכט פאר סטאטוען].

mar′ble-pol′isher *n.* (מאר׳בל-פאל׳-אי-שער) א מאשין אדער וועלכע ניט איז פאררריכטונג צו שלייפען אדער פאלירען מארמאר.

mar′bler *n.* (מאר׳-בלער) איינער וואס ארבייט אויף מארמאר; איינער וואס מאכט מארמאר־פאפיער; איינער וואס מאכט עהנליך צו מארמאר.

mar'ble-rub'ber *n.* (מאר'בל-ראב'ער) א רייב⸗גומי צו פאלירען מארמאר.

mar'ble-saw *n.* (מאר'בל-סאה) א מא⸗שין צו שניידען מארמאר.

mar'ble-scour'er *n.* (מאר'בל-סקאור'ער) א מארמאר⸗רייניגער [א פאררייכטונג צו רייניגען מארמארנע דילען (פאדלא⸗געס)].

mar'blewood *n.* (מאר'בל-הוואוד) א מין גרויסער עבען⸗בוים [דאס הארטע האלץ פון דעם בוים איז גרויליך מיט א שווארצען אונטער⸗קאליר און ווערט גע⸗ברויכט פאר מעבעל].

mar'ble-wor'ker *n.* (מאר'בל-הוואיר'קער) א מארמאר⸗ארבייטער.

mar'ble-works *n.* (מאר'בל-הוואירקס) א מארמאר⸗פאבריק.

mar'bling *n.* (מאר'-בלינג) דאס מא⸗כען עהנליך צו מארמאר; פערשיעדענפאר⸗בינקייט, געפלעקטקייט; פלייש וואס איז דורכגעוואקסען מיט שמאלץ.

mar'bly *a.* (מאר'-בלי) עהנליך צו מאר⸗מאר.

mas'ty *a.* (מעס'-טי) פול מיט אייכעלען אדער חזיר=ניסלעך.

mat *n., v. and a.* (מעט) א מאטע, א ראגאזשע; א געפלעכט פון פלאנצען און בוימלעך ביי א טייך=ברעג [אלס א גרעבליע]; עטוואס וואס איז געדיכט און דיק [ווי פלאנצען אדער האר]; א מאטראץ; א פאספארטו [א דיק פאפיער מיט אן אויסשניט אין מיטען פאר דעם בילד אין א בילד=ראהם]; אין האפטונג — די נעדיכטע טיילען; מאטקייט [אין קאליר]; אונפאלירטקייט; אן אינסטרומענט צו מאכען מעטאל מאט; בעדעקען מיט מאטען אדער ראגאזשעס; מאכען עהנליך צו מאטען, צוזאמענדרעהען, צוזאמענפלאנטערען; זיך געדיכט צוזאמענוואקסען אדער צוזאמענפלעכטען; מאכען מעטאל אויסזעהן מאט און אונפאלירט; מאט, ניט פאלירט, אהן גלאנץ

matador' *n.* (מעט-ע-דאור') א מאטאדאר [אין אקסען=קאמפף — דער יעניגער וואס טויטעט דעם אקס וועלכער ווערט פערוואונדעט אין קאמפף]; איינער וואס טויטעט; א מאטאדאר=קארט [א הויפט=קארט אין אייניגע שפיעלען].

mat'afund *n.* (מעט'-ע-פאנד) ז. ***matafunda***

matafun'da *n.* (מעט-ע-פאנ'-דא) א פארצייטיגע מיליטערישע מאשין צו ווארפען שטיינער.

mat'-braid *n.* (מעט'-ברייד) געדיכטע שווערע טאשמעס [בענדלעך].

match *n. and v.* (מעטש) א חבר; אייגער אדער עטוואס פון א פאר; איינער וואס איז א גלייכען צו א צווייטען; א גלייכען; א היראטס=פארטיי, א שדוך; א פאר; א פארונג, א פעראייניגונג; א וועט=קאמפף; א שוועבעלע; א צינד=שנור פון א קאנאן; פעראייניגען, פארען; צופאסען; זיין גלייך צו איינעם אדער עפעס; זיין אימעצענם גלייכען; זיין פון דערזעלבער קראפט, פעהיגקייט א. ד. ג.; פערהייראטען; רייניגען א כלי דורך אנצינדען אין איהר שוועבעלעך.

match'able *a.* (מעטש'-עבל) פאסענד; ענטשפרעכענד, ווי אנגעמאסטען, גלייך [אין כאראקטער, אויסזעהן, פעהיגקייט א. ז. וו.].

match'ableness *n.* (מעטש'-עבל-נעס) פאסיגקייט; אנגעמאסטענקייט; דאס זיין גלייך [אין קראפט, פעהיגקייטען, אויסזעהן א. ז. וו.].

match'-board *n.* (מעטש'-באורד) א צונויפשליסונגס=ברעט [א ברעט וואס פאסט זיך איין אין אנדערע, פון איין זייט מיט א שפונד וואס ווערט אויסגעשניטען אין דעם ברעט גופא, און פון דער צווייטער זייט דורך אן אויסשניט, אין וועלכען עס נעהט אריין א שפונד פון אן אנדער ברעט].

Match-boards

match'-boar'ding *n.* (מעטש'-באור'-דינג) א וואנד=בעשלאג געמאכט פון צונויפשליסונגס=ברעטער. ז. ***match-board***

match'-box *n.* (מעטש'-באקס) א שוועבעלעך=קעסטעלע; א רעהרעל, אין וועלכען מען פלעגט אמאל פערשטעלען דאס פייער וואס מען פלעגט נויטיג האבען פאר די קרעמען=ביקסען. ז. ***matchlock***

match'-cloth *n.* (מעטש'-קלאהטה) א מין גראבער וואלענער שטאף.

match col'ors (מעטש קאל'-ארז) צופאסען קאלירען, אבקלייבען קאלירען וואס זאלען הארמאנירען.

match'-cord *n.* (מעטש'-קאהרד) א צינד=שטריקעל [ביי די פארצייטיגע שיסגעוועהר].

match'er *n.* (מעטש'-ער) איינער וואס פאסט צונויף; א שדכן.

match'ing-machine' *n.* (מעטש'-אינג-מע-שין') א מאשין וואס מאכט די

איינשניטע און די שפונדעז אין צונויפשליסונגס=ברעטער. ז. *match-board*

match′-joint *n.* (מעטש′–דזשאינט) די שפונדעז און איינשניטע פון צונויפשליסונגס=ברעטער; די צוזאמענפאסונג פון צונויפשליסונגס=ברעטער. ז. *match-board*

match′less *a.* (מעטש′–לעס) אונפערגלייכליך, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט.

match′lessly *adv.* (מעטש′–לעס–לי) אויף אן אונפערגלייכליכען אופן; אהן א גלייכען צו זיך.

match′lessness *n.* (מעטש′–לעס–נעס) אונפערגלייכליכקייט; דאס ניט האבען צו זיך קיין גלייכען.

match′-line *n.* (מעטש′–לאין) ז. *match-cord*

match′-lock *n.* (מעטש′–לאק) דער שלאס פון א קרעמען=ביקס. ז. *matchlock*

match′lock *n.* (מעטש′–לאק) א קרעמען=ביקס [א פארצייטיגע ביקס וואס פלעגט שיסען מיט דער הילף פון א צינד=שנור].

match′-ma′ker *n.* (מעטש′–מיי′–קער) א שוועבעלעך=פאבריקאנט, א שוועבעלעך=מאכער; א שדכן.

match′-ma′king *n. and a.* (מעטש′–מיי′–קינג) שדכנות; שדכנ′ענדיג.

match′-pipe *n.* (מעטש′–פאיפ) א רעהרעל צו פערשטעלען דאס פייער וואס מען האט אמאל געברויכט פאר קרעמען=ביקסען. ז. *matchlock*

match′-plane *n.* (מעטש′–פליין) א מין הובעל געברויכט ביים מאכען צונויפשליסונגס=ברעטער. ז. *match-board*

match′-safe *n.* (מעטש′–סייף) א כלי צו האלטען שוועבעלעך.

match′-tub *n.* (מעטש′–טאב) דער צינד=שטריק פאס [וואו מען פלעגט אויף די פארצייטיגע קריעגס=שיפען האלטען טליענדע צינד=שטריק פאר די הארמאטען].

match′-wood *n.* (מעטש′–הוואוד) שוועבעלעך=האלץ; שוועבעלעך=העלצלעך; קליינע שטיקעלעך האלץ.

ma′té *n.* (מא′–טיי) בראזילישע טהעע אדער פאראגוואי=טהעע [אזא פלאנצע וואס איהרע בלעטער ווערען געברויכט ווי טהעע].

mate *n. and v.* (מייט) א חבר, א גלייכען; איינער פון א פאר; א מאן, א ווייב; א געהילף; א שטייערמאן [אויף א שיף]; א מאט [אין שאך=שפיעל]; דער שאך=שפיעלער וואס האט בעקומען מאט; זיך פעראייניגען; פערהייראטען; פארען; זיין ערשטוינט; מאכען מאט [אין שאך=שפיעל].

mate′less *a.* (מייט′–לעס) אהן א חבר; איינזאם, עלענד.

mat′elote *n.* (מעט′–ע–לאוט) פיש אדער פלייש פערפערטיגט מיט וויין, גרינסען און פערשיעדענע געווירצען.

mate′rial *a. and n.* (מע–טיע′–רי–על) וואס איז שייך צו שטאף: מאטעריעל [אין געגענזאץ צו גייסטיג]; קערפערליך, גשמיות′דיג; אין פילאזאפיע — וואס איז שייך צום מאטעריעלען אינהאלט [אין געגענזאץ צו פארם], וואס איז שייך צום פאקטישען אדער ווירקליכען צושטאנד פון זאכען; וויכטיג, נויטווענדיג; ממשות′דיג; מאטעריאל, שטאף; בעשטאנד=טיילען.

materialisa′tion *n.* (מע–טיע–רי–על–אי–זיי′–שאן) ז. *materialization*

mate′rialise *v.* (מע–טיע′–רי–על–איז) ז. *materialize*

mate′rialism *n.* (מע–טיע′–רי–על–איזם) די מאטעריאליסטישע וועלט=אנשויאונג, די פילאזאפישע לעהרע, וואס אנערקענט אין דער נאטור בלויז די עקזיסטענץ פון שטאף [און ניט פון שטאף און גייסט] און ערקלערט אלע נאטור=ערשיינונגען און גייסטיגע ערשיינונגען דורך די מעכאנישע בעוועגונגען פון די שטאף=אטאמען: מאטעריאליזם, איבערגעבענהייט צו מאטעריעלע, עגאאיסטישע אינטערעסען, צו תאוות און תענוגים.

mate′rialist *n. and a.* (מע–טיע′–רי–על–איסט) א מאטעריאליסט, אן אנהענגער פון דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג: מאטעריאליסטיש; וואס איז שייך צו דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג. ז. *materialism*

materialis′tic *a.* (מע–טיע–רי–ע–ליס′–טיק) מאטעריאליסטיש, וואס איז שייך צו דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג. ז. *materialism*

materialis′tical *a.* (מע–טיע–רי–ע–ליס′–טי–קעל) ז. *materialistic*

material′ity *n.* (מע–טיע–רי–על′–אי–טי) דאס בעשטעהן פון שטאף; א מאטעריעלע זאך, א שטאף=זאך [אין געגענזאץ צו א גייסטיגער]; קערפערליכקייט; גשמיות′דיגקייט; ממשות′דיגקייט, וויכטיגקייט.

materializa′tion *n.* (מע–טיע–רי–על–אי–זיי′–שאן) מאטעריאליזירונג; פערקערפערונג; דאס אננעהמען א מאטעריעלע, קערפערליכע אדער גשמיות′דיגע פארם [הויפטזעכליך וועגען דער נשמה פון א פערשטארבענעם, לויט דעם גלויבען פון די ספיריטואליסטען].

mate′rialize *v.* (מע–טיע′–רי–על–איז) מאטעריאליזירען, מאכען קערפערליך; מאכען מאטעריאליסטיש, בעטראכטען פון דעם שטאנדפונקט פון דער מאטעריאליסטישער וועלט=אנשויאונג; ווערען מאטעריעל, קערפערליך אדער גשמיות′דיג; אננעהמען א בעשטימטע פארם; ווערען א ווירקליכקייט.

mate′rially *adv.* (מע–טיע′–רי–על–אי) מאטעריעל; אין בעצוג צו שטאף אדער גשמיות; גשמיות′דיג, קערפערליך, פיזיש; אויף א ממשות′דיגען אופן, מיט וויכטיגקייט.

mate′rialness *n.* (מע–טיע′–רי–על–נעס) דאס זיין מאטעריעל; וויכטיגקייט, ממשות′דיגקייט.

mate′ria med′ica (מע–טיע′–רי–א מעד′–אי–קא) מעדיצינישע מיטלען; דער טייל פון דער מעדיצין וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער נאטור און ווירקונג פון די היילמיטלען.

matériel′ *n.* (מע–טיי–רי–על′) אינוונטאר.

mater′nal *a.* (מע–טויר′–נעל) מוטערליך; וואס איז שייך צו א מוטער אדער מוטערס; וואס קומט פון א מוטער אדער פון מוטער′ס צד [ווי פערוואנדשאפט, למשל]; וואס איז שייך צום געבורטסלאנד, היימיש.

maternal′ity *n.* (מע–טויר–נעל′–אי–טי) מוטערליכקייט, מוטער=שטאנד, מוטערשאפט.

mater′nallly *adv.* (מע–טויר′–נעל–אי) אויף א מוטערליכען שטייגער; פון דער מוטער′ס צד [פערוואנדט].

mater′nity *n.* (מע–טויר′–ני–טי) מוטערליכקייט, מוטער=שטאנד, מוטערשאפט; שוואנגערשאפט.

mater′nity dress (מע–טויר′–ני–טי דרעס) א קלייד צוגעפאסט פאר שוואנגערע פרויען.

mater′nity hos′pital (מע–טויר′–ני–טי האס′–פי–טעל) א קינפעטארינס=שפיטאל.

mat′-grass *n.* (מעט′–גרעס) בארשטענגראז, נארד [אזא אייראפעאיש גראז וואס וואקסט אין בינטלעך, געברויכט אלס פאשע פאר שעפסען].

math *n.* (מעטה) היי=שניט.

math. אבקירצונג פון *mathematical* און *mathematics*

mathemat′ic *n. and a.* (מעטה–אי–מעט′–איק) מאטעמאטיק; מאטעמאטיש.

mathemat′ical *a.* (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל) מאטעמאטיש; גענוי, פינקטליך; וואס קען בעוויזען ווערען.

mathemat′ical abstrac′tion (מעטה–אי מעט′–אי–קעל עב–סטרעק′–שאן) מאטעמאטישע אבסטראקציאן [דאס אוועקנעהמען אין געדאנק אלע איינגענשאפטען פון א געגענשטאנד [ווי קאליר, געשמאק א. ז. וו.] און איהם איבערלאזען בלויז די געאמעטרישע דימענזיאנען [ווי לענג, ברייט, הויך].

mathemat′ical bod′y (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל באד′–אי) א מאטעמאטישער קערפער [פון וועלכען מען האט אין אבסטראקציע אוועקגענומען אלע נאטירליכע איינגענשאפטען אזוי, אז פון איהם זיינען געבליבען נור די לענג, ברייט און הויך].

mathemat′ical concep′tion (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל קאנ–סעפ′–שאן) א מאטעמאטישע קאנצעפציאן, א מאטעמאטישער בעגריף [וואס האט צו טהאן בלויז מיט רוים און צייט].

mathemat′ical in′struments (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל אינ′–סטרו–מענטס) מאטעמאטישע אינסטרומענטען [צום צייכנען מאטעמאטישע פיגורען].

mathemat′ically *adv.* (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל–אי) אויף א מאטעמאטישען שטייגער; דורך מאטעמאטיק; מיט גענויקייט, מיט פינקטליכקייט; אזוי עס זאל קענען בעוויזען ווערען.

mathemat′ical nota′tion (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל נא–טיי′–שאן) די סיסטעם פון צייכענס, פיגורען און בוכשטאבען, וואס ווערען געברויכט אין מאטעמאטיק.

mathemat′ical point (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל פאינט) א מאטעמאטישער פונקט [וואס פערנעהמט ניט קיין רוים און וועלכען מען שטעלט זיך פאר נור אין געדאנק].

mathemat′ical quan′tities (מעטה–אי–מעט′–אי–קעל קהוואנ′–טי–טיז) מאטעמאטישע גרעסען [אבסטראקטע גרעסען]. ז. *mathematical abstraction*

mathemati′cian *n.* (מעטה–אי–מע–טיש′–ען) א מאטעמאטיקער.

mathemat′ics *n.* (מעטה–אי–מעט′–איקס) מאטעמאטיק.

mathe′sis *n.* (מע–טהיע′–סיס) געלעהרזאמקייט; וויסענשאפט; מאטעמאטיק.

mati′co *n.* (מע–טיע′–קאו) מאטיקא [אזא פלאנצע אין פערו וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין].

ma′tie *n.* (מיי′–טיע) א פעטער הערינג וואס האט אין זיך ניט פיעל מילך אדער רויגען [איקרא].

mat′in *a.* (מעט′–אין) וואס איז שייך צום פריהמארגען.

mat'inal *a.* (מעט'-אי-נעל) וואס איז שייך צום פריהמארגען; וואס איז שייך צו א פריהמארגען=געבעט [ביי די קאטוי ליקען].

matinée' *n.* (מעט-אי-ניי') א נאכמיטאגדיגע טעאטער=פארשטעלונג, קאנצערט אדער אונטערהאלט; א נאמיטאגדיג הויזקלייד פאר פרויען.

ma'ting *n.* (מיי'-טינג) פערהייראטונג; פארונג [ביי חיות]; צוטיילונג פון טראן צווישען צוויי קאמפאניעס פיש=פאנגער אדער וואלפיש=פאנגער.

ma'ting-time *n.* (מיי'-טינג-טאים) פארונגס=צייט [ביי חיות].

mat'ins *n.* (מעט'-אינז) פריהמארגען געבעט [ביי די קאטויליקען]; מוזיק פאר מארגען=געבעט.

mat'rass *n.* (מעט'-רעס) א דיסטיליר פלאש, א ברען=קאלבען [פאר כעמישע צוועקען].

mat'ress *n.* (מעט'-רעס) ז. *mattress*.

ma'triarch *n.* (מיי'-טרי-ארק) א מאטריארך [א פרוי אין דער מאטריארכאלער ארדנונג]. ז. *matriarchy*.

matriar'chal *a.* (מיי-טרי--אר'-קעל) מאטריארכאליש. ז. *matriarchy*.

matriar'chalism *n.* (מיי-טרי-אר'-קעל-איזם) מאטריארכאט, מאטריארכאלישע מנהגים און לעבענס=פארמען. ז. *matriarchy*.

matriar'chate *n.* (מיי-טרי-אר'-קייט) די לאגע און די רעכטע פון א פרוי אין א מאטריארכאלישער ארדנונג. ז. *matriarchy*.

ma'triarchy *n.* (מיי'-טרי-אר-קי) מאטריארכאט, פרויען=הערשאפט [די געזעלשאפטליכע ארדנונג ביי פרימיטיווע פעלקער, אין וועלכער די פרוי איז געווען די הויפט פון דער פאמיליע און די קרובה'שאפט און די ירושה=רעכט זיינען געווען פון דער מוטער'ס צד].

ma'trice *n.* (מיי'-טריס) ז. *matrix*.

mat'rices *n.* (מעט'-רי-סיז) געבעהר מוטערס; מאטריצען. ז. *matrix*.

mat'ricidal *a.* (מעט'-רי-סאי-דעל) מוטער=מערדעריש, וואס איז שייך צו א מוטער=מארד אדער צו א מוטער=מערדער.

mat'ricide *n.* (מעט'-רי-סאיד) א מוטער=מערדער, א מוטער=מערדערין [וואס מארדעט די אייגענע מוטער]; א מוטער מארד.

matric'ula *n.* (מע-טריק'-יו-לא) א מאטריקעל, א ליסטע, א צעטעל אדער רייסטער פון מיטגליעדער [הויפטזעכליך פון סטודענטען אין אן אוניווערזיטעט אדער אנדער הויך=שוהל].

matric'ulant *n.* (מע-טריק'-יו-לענט) איינער וואס שלאגט זיך פאר אדער טרעט אריין [אין א געזעלשאפט, פעראייניגונג א. ז. וו., הויפטזעכליך אין אן אוניווערזיטעט אדער אנדער הויך=שוהל].

matric'ular *a.* (מע-טריק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א מאטריקעל. ז. *matricula*.

matric'ulate *v., a. and n.* (מע-טריק'-יו-לייט) מאטריקולירען, אריינשרייבען דעם נאמען אין א ליסטע אדער רייסטער [הויפטזעכליך וועגען סטודענטען פון אן אוניווערזיטעט]; ווערען א מיטגליעד, אריינגענומען ווערען אלס מיטגליעד, אריינקומען אלס סטודענט אין אן אוניווערזיטעט; מאטריקולירט, אריינגענומען; איינער וואס איז אריינגענומען געווארען [אלס מיטגליעד פון א געזעלשאפט אדער, הויפטזעכליך, אלס סטודענט פון אן אוניווערזיטעט].

matricula'tion *n.* (מע-טריק-יו-ליי'-שאן) די מאטריקולירונג, דאס אריינטראגען איינעמס נאמען אין רייסטער [הויפטזעכליך אלס סטודענט פון אן אוניווערזיטעט]: אריינטרעטונג [אלס מיטגליעד, הויפטזעכליך אין אן אוניווערזיטעט].

matric'ulator *n.* (מע-טריק'-יו-ליי-טאר) איינער וואס טרעט אריין אלס נייער מיטגליעד אין א געזעלשאפט: איינער וואס טרעט אריין אלס סטודענט אין אן אוניווערזיטעט: איינער וואס פערשרייבט איינעמס נאמען אין א ליסטע [פון מיטגליעדער, פון סטודענטען א. ז. וו.].

matriher'itage *n.* (מעט-רי-הער'-אי-טעדזש) ירושה=רעכט נאך דער מוטער'ס צד [ווי אין דער מאטריארכאלישער ארדנונג]. ז. *matriarchy*.

matriher'ital *a.* (מעט-רי-הער'-אי-טעל) וואס איז שייך צום ירושה=רעכט פון דער מוטער'ס צד [אין דער מאטריארכאלישער ארדנונג] ז. *matriarchy*.

matrimo'nial *a.* (מעט-רי-מאו'-ני-על) וואס איז שייך צו הייראטה אדער צום פערהייראטהען לעבען; וואס קומט דורך הייראטה.

matrimo'nial cause (מעט-רי-מאו'-ני-על קאהז) א געריכטליכע קלאגע וואס קומט ארויס פון הייראטה [ווי למשל א גט=פראצעס].

matrimo'nially *adv.* (מעט-רי-מאו'-ני-על-אי) דורך הייראטה; לויט די הייראטהס=געזעצע אדער מנהגים.

matrimo'nious *a.* (מעט-רי-מאו'-ני-אס) ז. *matrimonial*.

mat'rimony *n.* (מעט'-רי-מא-ני) הייראטה, הייראטה=שטאנד, דאס פערהייראטהע לעבען.

ma'trix *n.* (מיי'-טריקס) די געבעהר מוטער; עטוואס וואס הילט עפעס איין אדער ברייננט עפעס ארויס [ווי א געבעהר=מוטער]; א מאטריצע, אן אויסגעהוילטע מעטאל=פורעם [אין דרוקעריי]; א דרוק=פלאטע; דער צווישען=צעלען שטאף [ביי פלאנצען]; דאס אויף וואס אדער פון וואס א פלאנצע וואקסט; א פעלז, אין וועלכען עס געפינען זיך מינעראלען, פערשטיינערטע פלאנצען אדער חיות א. ז. וו.

ma'tron *n.* (מיי'-טראן) א מאטראנע; א פערהייראטהע פרוי [הויפטזעכליך אן עלטערע]; א הויז=מוטער; א הויפט=ווארטערין פון א שפיטאל; א פערוואלטערין פון אן אנשטאלט.

ma'tronage *n.* (מיי'-טראן-עדזש) מאטראנען=שטאנד, פרויען=שטאנד; ווירדיגע פרויען, שעהנע בעל=הבית'טעס [קאלעקטיוו]; דאס אמט פון א הויפט=שפיטאל ווארטערין; דאס אמט פון א פערוואלטערין פון אן אנשטאלט.

ma'tronal *a.* (מיי'-טראן-על) וואס איז שייך צו אן עלטערער פרוי: וואס פאסט פאר א פאמיליען=מוטער; מוטערליך; ערנסט, איינגעהאלטען, ווירדיג.

ma'tronhood *n.* (מיי'-טראן-הוד) דער שטאנד פון אן עלטערער פרוי אדער פאמיליען=מוטער.

ma'tronise *v.* (מיי'-טראן-איז) ז. *matronize*.

ma'tronize *v.* (מיי'-טראן-איז) מאכען מאטראנען=עהנליך [עהנליך צו אן עלטערער פרוי אדער פאמיליען=מוטער]; בעהאנדלען ווי א מוטער.

ma'tronlike *a.* (מיי'-טראן-לאיק) ווי אן עלטערע פרוי אדער פאמיליען=מוטער; ערנסט, ווירדיג, מוטערליך.

ma'tronly *a.* (מיי'-טראן-לי) ז. *matronlike*.

ma'tronship *n.* (מיי'-טראן-שיפ) דאס אמט פון א הויפט=ווארטערין פון א שפיטאל; דאס אמט פון א פערוואלטערין פון אן אנשטאלט.

matronym'ic *a. and n.* (מעט-רא-נימ'-איק) וואס שטאמט פון דער מוטער אדער פון דער מוטער'ס צד [וועגען א נאמען]; וואס איז שייך צו אזא נאמען; אווארט אדער שפראך=פארם צו בעצייכנען אזא נאמען.

matross' *n.* (מע-טראס') אן אונטער קאנאניער [ארויסהעלפער ביי א קאנאנען שיסער].

matte *n.* (מעט) א ניט גאנץ ריינער מעטאל, וואס ענטהאלט שוועבעל [הויפטזעכליך קופער].

mat'ter *n. and v.* (מעט'-ער) שטאף, מאטעריע; מאטעריאל; אין דרוקעריי — געשריבענע זאכען צום דרוקען; דרוקזאץ; אבפאל פון א לעבעדיגען ארגאניזם; אייטער [פלאגמע]; אן אנגעלעגענהייט; אן עניין, געגענשטאנד, א זאך, א טהעמא [צום אורטיילען אדער נאכדענקען]; א שטרייט פונקט: אורזאכע, גרונד; בעדייטונג, וויכטינקייט: אן אנצאהל, א ניט גענויע מאס אדער צאהל; א געריכטליכע בעהויפטונג אדער אנצייגע; א געריכטליכער אנטראג אדער פאדערונג; בעדייטען, זיין פון וויכטינקייט, אויסמאכען.

mat'terate *v.* (מעט'-ע-רייט) אייטערען [וועגען א געשוויר].

mat'ter at is'sue (מעט'-ער עט איש'-אוה) א שטרייטפונקט.

The slavery question was the **matter at issue** between the north and the south.

mat'terful *n.* (מעט'-ער-פול) אינהאלטס רייך: בעדייטונגספול, וויכטיג.

mat'terless *a.* (מעט'-ער-לעס) אהן שטאף, אינהאלטסלאז; בעדייטונגסלאז, אונוויכטיג.

mat'ter of con'sequences (מעט'-ער אוו קאנ'-סי-קהווענס-עז) א וויכטיגע זאך.

mat'ter of course (מעט'-ער אוו קאורס) א זעלבסטפערשטענדליכע זאך.

mat'ter-of-course' *a.* (מעט'-ער-אוו-קאורס') קומענדיג אלס נאטירליכע פאלגע: אנגענומען אלס זעלבסטפערשטענדליך.

mat'ter of fact (מעט'-ער אוו פעקט) טהאטזעכליכקייט, ווירקליכקייט; א פאקטישע זאך, א פאקט.

mat'ter-of-fact' *a.* (מעט'-ער-אוו-פעקט') זאכליך: פאקטיש; ווירקליך [אין געגענזאץ צו אידעאליזירט אדער פאנטאסטיש]; געוועהנליך, דורכשניטליך; וואס האלט זיך אן דער ווירקליכקייט אדער אן פאקטען; פראזאאיש; פראקטיש.

mat'ter-of-fact' man (מעט'-ער-אוו-פעקט' מען) א פראקטישער מענש, א רעאליסט [אין געגענזאץ צו אידעאליסט].

mat'ter of life and death (מעט'-ער אוו לאיף ענד דעטה) א פראגע פון לעבען און טויט: א קריטישע לאגע [וואו עס שטעהט אין קאן דאס לעבען].

mat'ter of rec'ord (מעט'-ער אוו רעק'-ארד) אין יוריספרודענץ — עטוואס וואס איז פערשריבען, עטוואס וואס קען בעוויזען ווערען דורך אפיציעלע געריכטליכע דאקומענטען.

mat'tery *a.* (מעט'-ער-אי) פול מיט מאטעריע, אייטעריג; וויכטיג, בעדייטונגס פול.

mat'ting *n.* (מעט'-אינג) מאטען, ראנא זשעס; מאטען=מאטעריאל; מאטען=עהנלי

כע געפלעכט; א פאספארטו [א דיק פאפיער מיט אן אויסשניט פאר'ן בילד אין א בילד=ראהם]; דאס מאכען מאט, אונפאלירט, אהן א גלאנץ [מעטאל]; א מאטקייט [אויף מעטאלען].

mat'ting-tool *n.* (מעט'-אינג-טוהל) אן אינסטרומענט צו מאכען מעטאל אויסזעהן מאט [אונפאלירט, אהן א גלאנץ].

mat'tock *n.* (מעט'-אק) א ברעך=האק, א ברעך=אייזען מיט א ברייטען ענד.

mat'tress *n.* (מעט'-רעס) א מאטראץ.

mat'tress-ma'ker *n.* (מעט'-רעס-מיי-קער) א מאטראצען=מאכער.

mat'ty *n.* (מעט'-אי) ז. *matie*

matur'able *a.* (מע-טיור'-עבל) וואס קען ווערען צייטיג, רייף אדער פאלקאמען; וואס קען געבראכט ווערען צו אייטערונג.

mat'urant *n.* (מעט'-יו-רענט) אן אייטערונגס=מיטעל [צום אנציהען א געשוויר און ארויסברייגען אייטער].

mat'urate *v.* (מעט'-יו-רייט) צייטיג ווערען, רייף ווערען; צייטיג מאכען, רייף מאכען; אייטערען [ווענען א געשוויר].

matura'tion *n.* (מעט-יו-ריי'-שאן) דאס צייטיג ווערען, דאס רייף ווערען; אייטערונג, אייטער=אנציהונג.

matur'ative *a. and n.* (מע-טיור'-ע-טיוו) וואס מאכט רייף אדער צייטיג; וואס ציהט אן א געשוויר און רופט ארויס אייטערונג; אן אייטערונגס=מיטעל.

mature' *a. and v.* (מע-טיור') רייף, צייטיג; פול ענטוויקעלט; פאלקאם, פאלשטענדיג; אנגעצויגען, אייטערדיג [ווענען א געשוויר]; צאהלבאר, פעליג, וואס האט דערגרייכט דעם צאהלונגס=טערמין [ווענען חובות]; מאכען רייף אדער צייטיג; פערפאלקאמענען, פאלשטענדיג ענטוויקלען; אנציהען אדער ברייגען צו אייטערונג [א געשוויר]; רייף ווערען, פאלקאם ווערען; ווערען אנגעצויגען אדער אייטערען [ווענען א געשוויר]; ווערען פעליג [ווענען חובות].

mature'ly *adv.* (מע-טיור'-לי) 1. אויף א רייפען, פול=ענטוויקעלטען אדער פאלשטענדיגען אופן; 2. מיט פאלשטענדיגער איבערלעגונג, דורך און דורך.

2. Entering on war a government has to consider **maturely** its finances.

mature'ness *n.* (מע-טיור'-נעס) רייפקייט, צייטיגקייט; פאלשטענדיגע ענטוויקלונג.

matures'cent *a.* (מעט-יו-רעס'-ענט) וואס האלט אין רייף ווערען.

matu'rity *n.* (מע-טיו'-רי-טי) רייפקייט, צייטיגקייט; פאלשטענדיגע ענטוויקלונג אדער אויסארבייטונג; צאהלבארקייט, פעליגקייט [פון א חוב]; אנגעצויגענקייט, אייטערדיגקייט [פון א געשוויר].

matu'tinal *a.* (מע-טיו'-טי-נעל) מארגענדיג, פריהמארגענדיג.

mat'weed *n.* (מעט'-הוויעד) ספארטא=גראז אדער ליגעאן [אזא פלאנצע וואס ווערט געברויכט פאר מאטען אדער ראגאזשעס].

mat'work *n.* (מעט'-הוואירק) מאטען=ארבייט, ראגאזשע=ארבייט.

matz'oth *n.* (מעט'-סאוטה) מצות.

maud *n.* (מאהד) א גרויער געשטרייפטער פלעד [שאל] וואס מען טראגט אין שאטלאנד; א רייזע=פלעד, א רייזע=שאל.

maude *n.* (מאהד) ז. *maud*

maud'lin *a. and n.* (מאהד'-לין) סענטימענטאל, צוקראכען; וויינענדיג; שכור, נאריש=צוקראכען [פון שכרות]; דער לעבער=באריזאם [אזא שמעקעדיגע גראז=פלאנצע מיט געלבע בליטהען, וואקסט אין זיד=אייראפא].

maud'lin-drunk *a.* (מאהד'-לין-דראנק) וויינענדיג און סענטימענטאל=צוקראכען פון שכרות.

maud'linism *n.* (מאהד'-לין-איזם) קרענקליכע סענטימענטאליטעט, צוקראכענקייט, דאס זיין א פערוויינטע נשמה.

maud'lin sen'timents (מאהד'-לין סענ'-טי-מענטס) סענטימענטאליטעט, צוקראכענקייט.

mau'gre *prep.* (מאהר'-גער) ניט קוקענדיג אויף, טראץ.

mau'kin *n.* (מאה'-קין) ז. *malkin*

maul *n. and v.* (מאהל) א שווערער הילצערנער האמער; שלאגען מיט א האמער אדער ווי מיט א האמער; צושלאגען, צוקאליעטשען; מאכען, פארטיג מאכען.

maul'ey *n.* (מאהל'-אי) א קולאק, א פויסט.

mau'ling *n.* (מאה'-לינג) הארטע קלעפ.

maul'kin *n.* (מאה'-קין) ז. *malkin*

maul'stick *n.* (מאהל'-סטיק) ז. *mahlstick*

maum *n. and a.* (מאהם) ז. *malm*

maun'der *v.* (מאהנ'-דער) ריידען מיט א וויינענדען קול [ווי א בעטלער]; מורמלען; בורטשען; ריידען אונקלאר און אהן א טאלק [ווי א שכור]; פלוידערען נארישקייטען.

maun'derer *n.* (מאהנ'-דער-ער) א בורטשאדלע, א בורטשון, איינער וואס בורטשעט.

maun'dering *n.* (מאהנ'-דער-אינג) דאס בורטשען.

maun'dy *n.* (מאהנ'-די) די קריסטליכע צערעמאניע [אם גרין=דאנערשטאג] צו וואשען די פיס פון ארימע מענשען אלס זכר דערפון וואס קריסטוס האט, לויט דער לעגענדע, ביים לעצטען אבענדמאהל געוואשען די פיס פון זיינע תלמידים.

Maun'dy Thurs'day (מאהנ'-די טהוירס'-דיי) גרין=דאנערשטאג. ז. *maundy*

mausole'an *a.* (מאה-סא-לי'-ען) וואס איז שייך צו א מאוזאלעאום [א שעהנע געביידע איבער א קבר אדער איבער עטליכע, מעהרסטענטייל פאמיליען=קברים]; וואס איז שייך צו א מצבה.

mausole'um *n.* (מאה-סא-לי'-אם) א מאוזאלעאום [א פראכטפאלע געביידע איבער א קבר אדער קברים, א פראכטפאלער קבר, א פראכטפאלע מצבה].

mauve *n. and a.* (מאווו) די אנילין=פארב [רויטליך=וויאלעט]; רויטליך=וויאלעט.

mav'erick *n. and v.* (מעוו'-ער-איק) אין די פיה=פיטערענדע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א בהמה, וואס איז געפונען געווארען אהן א בראנדמארק פון דעם אייגענטימער; עטוואס וואס מען האט בעקומען אויף אן אונעהרליכען אדער אונגעזעצליכען אופן; כאפען א ניט=געבראנדמארקטע בהמה און ארויפלעגען אויף איהר אן אייגענעם בראנדמארק; אריינקריגען אייגענטום אויף אן אונגעזעצליכען אדער אונעהרליכען אופן.

ma'vis *n.* (מיי'-וויס) די זינג=דראסעל [א בעקאנט זינג=פויגעלע אין אייראפא].

mavor'tial *a.* (מע-וואהר'-שעל) קריעגעריש.

maw *n.* (מאה) דער מאגען [פון חיות]; דער קראפ, די וואליע [פון א פויגעל]; דער פענכער פון א פיש.

maw'kin *n.* (מאה'-קין) ז. *malkin*

maw'kish *a.* (מאה'-קיש) עקעלהאפט, ווידערליך; ניט געשמאק, אבגעשמאקט.

maw'kishly *adv.* (מאה'-קיש-לי) אויף א ווידערליכען אדער עקעלהאפטען שטייגער.

maw'kishness *n.* (מאה'-קיש-נעס) ווידערליכקייט, עקעלהאפטיגקייט; אבגעשמאקטקייט.

maw'-worm *n.* (מאה'-הוואירם) א מאגען=ווארים; א בויך=ווארים.

maxil'la *n.* (מעקס-איל'-א) א קינבאק=ביין; דער אויבערשטער קינבאק=ביין.

max'illar *a.* (מעק'-סי-לאר) ז. *maxillary*

max'illary *a.* (מעק'-סי-לע-רי) וואס איז שייך צום קינבאקען=ביין.

max'illary ar'tery (מעק'-סי-לע-רי אר'-טע-רי) די קינבאק ארטעריע. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

max'im *n.* (מעק'-סים) א כלל, א פעסט=געשטעלטער פרינציפ, א גרונדזאץ.

That honesty is the best policy is an old maxim.

max'ima *n.* (מעק'-סי-מא) מאקסימום=צאהלען, מאקסימום=ווערטהען. ז. *maximum*

max'imal *a.* (מעק'-סי-מעל) מאקסימאל, פון א מאקסימאלען אדער העכסטען ווערטה.

max'imally *adv.* (מעק'-סי-מעל-אי) ביז צום העכסטען גראד; ביז צו א מאקסימאלען [העכסטען] ווערטה.

Max'im gun (מעק'-סים גאן) די מאקסים ביקס [אן אויטאמאטיש שיסענדע ביקס, ערפונדען פון היראם מאקסים].

maximisa'tion *n.* (מעק-סי-מי-זיי'-שאן) ז. *maximization*

max'imise *v.* (מעק'-סי-מאיז) ז. *maximize*

max'imist *n.* (מעק'-סי-מיסט) איינער וואס האט ליעב צו געברויכען אנגענומענע אויסדריקע אדער כללים.

maximiza'tion *n.* (מעק-סי-מי-זיי'-שאן) דאס דערהויבען צו א מאקסימום אדער צו דעם העכסטען גראד.

max'imize *v.* (מעק'-סי-מאיז) דערהויבען ביז צו א מאקסימום אדער ביז צום העכסטען גראד; מאכען אזוי גרויס ווי מעגליך.

max'imum *a. and n.* (מעק'-סי-מאם) א מאקסימום; דער העכסטער גראד, די גרעסטע צאהל; דער גרעסטער ווערטה; גרעסט, העכסט.

May *n.* (מיי) דער מאנאט מאי; דער פריהלינג פון לעבען.

may *v. and n.* (מיי) מעגען, קענען; מעגליך זיין; זיין ערלויבט; פייערען דעם מאי=טאג; די פייערונג פון מאי=טאג; דער ווייס=דארן [ז. *hawthorn*].

May'-ap'ple *n.* (מיי'-עפל) דער מאי=עפעל [אזא אמעריקאנער פרוכט=פלאנצע].

may'be *adv.* (מיי'-בי) אפשר, פיליייכט, מעגליך.

May'-bee'tle *n.* (מיי'-ביע'טל) דער מאי=קעפער [אזא גרויסער שווארצער זשוק].

May'-bloom *n.* (מיי'-בלוהם) דער ווייס=דארן. ז. *hawthorn*

May'-bug *n.* (מיי'-באג) ז. *May-beetle*

May'-bush *n.* (מיי'-בוש) ז. *May-bloom*

May'-day *n.* (מיי'-דיי) דער ערשטער מאי.

May'-dew *n.* (מיי'-דיו) דער מאי־טוי [וועגען וועלכען מען גלויבט, אז ער האט בעזונדערע איינגעשאפטען].

May'duke *n.* (מיי'-דיוק) דער מאי־קארש [אזא זארט זויערער קארש].

May'-flow'er *n.* (מיי'-פלאו'-ער) א מאי־בלום.

May'-fly *n.* (מיי'-פלאי) די מאי־פליג [אזא פליג וואס אין איהר לארוועז־צו־שטאנד לעבט זי אין וואסער און ווען זי וואקסט אויס פון דער לארווע לעבט זי א גאנץ קורצע צייט ביז זי לעגט אויס איהרע אייער].

May'-game *n.* (מיי'-גיים) מאי־שפיעל [אונטערהאלטונג אין שפיעל פון ערשטען מאי]; פרעהליכקייט, לוסטיגקייט; איינער וואס נעהמט אנטייל אין מאי־שפיעל.

may'hap *adv.* (מיי'-העפ) אפשר, פיי־לייכט, מעגליך.

may'hem *n.* (מיי'-העם) א פערברעכען וואס בעשטעהט אין פערוואונדען אימע־צען אדער איהם מאכען פאר א קאליקע.

May'-hill *n.* (מיי'-היל) א שווער שטי־קעל צייט; א קריטישער מאמענט.

may'ing *n.* (מיי'-אינג) דאס פייערען דעם ערשטען מאי [דורך זאמלען בלומען אדער דורך פערשיעדענע אונטערהאלטונ־גען].

May'-la'dy *n.* (מיי'-ליי'-די) ז. *May-queen*

May'-lil'y *n.* (מיי'-ליל'-אי) דאס מאי בלימעל, די טהאל־ליליע.

May'-morn *n.** (מיי'-מאהרן) דער מאי־מארגען; פרישקייט, יוגענד־פרישקייט.

mayonnaise' *n.* (מיי-אָנ-אייז') אזא סאוס געמאכט פון רויהע אייער־געלכלעך מיט אליווען־אויל און ציטראן־זאפט.

may'or *n.* (מיי'-אר) א בירגער־מייס־טער, א שטאדט־הויפט.

may'oral *a.* (מיי'-אר-על) וואס איז שייך צו א בירגער־מייסטער אדער צו זיין אמט.

may'oralty *n.* (מיי'-אר-על-טי) דאס אמט פון א בירגער־מייסטער, די אמט־פיהרונג פון א בירגער־מייסטער.

may'oress *n.* (מיי'-אר-עס) א בירגער־מייסטעריז, די פרוי פון א בירגער־מייס־טער.

may'orship *n.* (מיי'-אר-שיפ) דאס אמט אדער ווירדע פון א בירגער־מייסטער.

May'-pole *n.* (מיי'-פאול) דער מאי־בוים [א הויכער שטאנג בעפוצט מיט בלומען און בענדער, ארום וועלכען מען פלעגט טאנ־צען ביי די שפיעל־אונטערהאלטונגען פון ערשטען מאי].

May'-queen *n.* (מיי'-קהוויען) די מאי־קעניגין [א מיידעל אדער יונגע פרוי, וועלכע פלעגט געקרוינט ווערען מיט א בלו־מען־קראנץ אלס די קעניגין פון די שפיעל־אונטערהאלטונגען פון דעם ערשטען מאי].

may'thorn *n.* (מיי'-טהארן) דער ווייס־דארן. ז. *hawthorn*

may'weed *n.* (מיי'-הוויעד) די הונדס־קאמילע אדער הונדס־ראמאשקע [אזא גראז מיט געלבע בלימלעך און ווייסע ראנדען מיט א זעהר שארפען ריח].

Maz'agan *n.* (מעז'-ע-גען) א מין קליי־נע בעבלעך.

maz'ard *n.* (מעז'-ארד) אזא שווארצער ווילדער קארש וואס וואקסט אין אייראפא.

mazarine' *n.* and *v.* (מעז-ע-רין') א טיעף־בלויער קאליר; א קליינע שיסעל ווען זי ווערט אריינגעשטעלט אין א גרעסערער; בעפוצען מיט שפיצען [קרוזשעוועו] אויף א געוויסען אופן.

Maz'deism *n.* (מעז'-די-איזם) מאצדע־איזם [די אלטע פערזישע רעליגיאן].

maze *n.* and *v.* (מייז) א לאבירינט; א פערווירונג, א פערפלאנטערונג; א צוי־מישונג, א פערלעגענהייט; צומישען, פער־ווירען, ברייגגען אין פערלעגענהייט.

ma'zer *n.* (מיי'-זער) א גרויסער הילצ־צערנער טרינק־בעכער.

ma'zily *adv.* (מיי'-זי-לי) אויף א פער־ווירענדען אדער צומישענדען אופן; דרע־הענדיג זיך הין און הער ווי א לאבירינט; מיט פערלעגענהייט.

ma'ziness *n.* (מיי'-זי-נעס) פערווירט־קייט, צומישטקייט; פערפלאנטערונג; פערלעגענהייט.

mazol'ogy *n.* (מע-זאל'-א-דזשי) ז. *mammalogy*

mazur'ka *n.* (מע-זור'-קא) א מאזור־קא [אזא טאנץ]; די מוזיק פון א מא־זורקא.

ma'zy *a.* (מיי'-זי) צומישט, פערווירט, פערפלאנטערט.

Mc אבקירצונג פון *Mac.*

M. C. ראשי תבות פון די ווערטער *Member of Congress*

Mch. אן אבקירצונג פון *March*

Md. אבקירצונג פון ווארט *Maryland* (מער'-אי-לענד) [איינער פון די פער־איינגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

M. D. ראשי תבות פון די ווערטער *Medicinæ Doctor* אדער *Medical Doctor* [א דאקטאר, א מעדיקער].

Mdm. אן אבקירצונג פון *Madam*

M. E. ראשי תבות פון די ווערטער *Methodist Episcopal*, *Mining Engineer* פון *Mechanical Engineer* אדער פון

me *pr.* (מי) מיך, מיר.

mead *n.* (מיעד) מעד, האניג־וואסער; א לאנקע, א גראז־פלאץ.

mead'ow *n.* (מעד'-או) א לאנקע, א גראז־פלאץ.

mead'ow-clo'ver *n.* (מעד'-או-קלאו'-ווער) קלעווער [אזא מין גראז].

mead'ow-fox'tail *n.* (מעד'-או-פאקס'-טייל) פיקסען־עק־גראז [אזא מין גראז]. ז. *foxtail*

mead'ow-grass *n.* (מעד'-או-גרעס) לאנקע־גראז, פיטערונגס־גראז.

mead'ow-ground *n.* (מעד'-או-גראונד) ז. *meadow-land*

mead'ow-land *n.* (מעד'-או-לענד) גראז־לאנד, לאנקעס.

mead'ow-lark *n.* (מעד'-או-לארק) די פעלד־לערכע [אן אמעריקאנער פויגעל. די אויבערשטע טיילען זיינע זיינען גרוי, ברוין און שווארץ, די אונטערשטע טיי־לען זיינען העל־געלב מיט א שווארצען צייכען אין דער פארם פון א פאדקאווע אויף דער ברוסט].

mead'ow-mouse *n.* (מעד'-או-מאוס) אזא פעלד־מויז אין נארד־אמעריקא.

mead'ow-ore *n.* (מעד'-או-אור) זומפ־אייזען [אזא זארט אייזען־ערץ].

mead'ow-pink *n.** (מעד'-או-פינק) די פעלד־נעלקע [אזא בלום].

mead'ow-rue *n.* (מעד'-או-רוה) ווע־זען־קרויט [אזא גראז וואס וואקסט אויף לאנקעס].

mead'ow-saf'fron *n.* (מעד'-או-סעפ'-ראן) וויעזען־זאפראן [אזא גראז וואס איז עהנליך צו זאפראן].

mead'ow-sage *n.* (מעד'-או-סיידזש) די וויעזען־זאלביי [אזא בלום וואס וואקסט אויף לאנקעס].

mead'ow-sax'ifrage *n.* (מעד'-או-סעק'-סי-פרעדזש) די זעגעל־בלום; די פעי־כער־בלום.

mead'ow-sweet *n.* (מעד'-או-סהוויעט) די וויעזען־קעניגין [א מין גראז־ארטיגע אייראפעאישע און אמעריקאנישע גארטען־פלאנצע מיט לאנגע צייהניג־געקארבטע בלע־טער און מיט פיעל ווייסע זעהר שמעקענ־דע בלימעלעך].

Meadow-sweet

mead'owwort *n.* (מעד'-או-הווארט) ז. *meadow-sweet*

mead'owy *a.* (מעד'-א-אי) וואס איז שייך אדער עהנליך צו לאנקעס; וואס בע־שטעהט פון לאנקעס.

mea'ger *a.* (מיע'-גער) דאר; מאגער; אונפרוכטבאר; מאנגעלהאפט, ארעמזעליג, שוואך; ניט גענוגענד.

mea'ger day (מיע'-גער דיי) א פאסט־טאג.

mea'gerly *adv.* (מיע'-גער-לי) מאגער; דאר; אונפרוכטבאר; מאנגעלהאפט; ארעמזעליג; שוואך.

mea'gerness *n.* (מיע'-גער-נעס) מאגע־קייט; דארקייט; מאנגעלהאפטיגקייט; אונפרוכטבארקייט; ארעמזעליגקייט; שוואכקייט.

mea'gre *a.* (מיע'-גער) ז. *meager*

mea'grely *adv.* (מיע'-גער-לי) ז. *meagerly*

mea'greness *n.* (מיע'-גער-נעס) ז. *meagerness*

meal *n.* and *v.* (מיעל) א מאהלצייט; מעהל; צומאהלען אויף מעהל.

meal'-bee'tle *n.* (מיעל'-ביע'-טל) דער מעהל־קעפער אדער דער מעהל־זשוק [זיין לארווע איז שעדליך נאר מעהל].

mea'liness *n.* (מיע'-לי-נעס) מעהליג־קייט, דאס זיין מעהליג; ווייכקייט.

mea'ling-stone *n.* (מיע'-לינג-סטאון) א מיהל־שטיין פון א האנד־מיהל.

meal'man *n.* (מיעל'-מען) א מעהל־הענדלער.

meal'monger *n.* (מיעל'-מאנ-גער) ז. *mealman*

meal'-moth *n.* (מיעל'-מאטה) א מעהל־פליעגעלע.

meal'-mouthed *a.* (מיעל'-מאוטהד) ז. *mealy-mouthed*

meal'-time *n.* (מיעל'-טאים) די צייט פון עסען.

meal'-tub *n.* (מיעל'-טאב) א מעהל־קאסטען.

meal'-worm *n.* (מיעל'-הווארם) א

מעהל-ווארים [די לארווא פון דעם מעהל-זשוק]. ז. *meal-beetle*.

mea'ly *a.* (מיע'-לי) מעהליג, ווי מעהל; בעשטויבט מיט מעהל אדער ווי מיט מעהל; גלאט-צונגיג, זיס-ריידעוודיג, היפאקריטיש.

mea'ly-mouthed *a.* (מיע'-לי-מאוטהט) זיס-ריידעוודיג, גלאט-צונגיג, אונאויפריכטיג, היפאקריטיש.

mea'ly-mouthed'ness *n.* (מיע'-לי-מאוטהד'-נעס) גלאט-צונגיגקייט, זיס-ריידעוודיגקייט, אונאויפריכטיגקייט, היפאקריטיזם.

mea'ly-tree *n.* (מיע'-לי-טריע) דער מעהל-בוים [אזא בוים וואס זיינע יונגע צווייגען און בלעטער זיינען בעדעקט ווי מיט א מעהליגען שטויב].

mean *v., a. and n.* (מיען) מיינען; דענקען; דייטען; פראסט, געמיין; נידריג, פערעכטליך, נידערטרעכטיג; קארג; פון נידריגען ווערטה; וואס איז אין א מיטעל-צושטאנד; מיטעלמעסיג; צווישענצייטיג, דערווייליג; דורכשניטליך [וועגען מאס, צאהל א. ד. ג.]; מיטעלמעסיגקייט; דער מיטען; א מיטעלווערטה, א דורכשניט; א מיטעל-שטימע [ווי טענאר אדער אלטא]; די צווייטע אדער דריטע סטרונע פון אן אלט [אזא גרויסער פידעל].

mean busi'ness (מיען ביז'-נעס) זיך בעציהען ערנסט צו עטוואס, האבען בדעה ווירקליך עטוואס צו טהאן.

mean'der *n. and v.* (מי-ענ'-דער) א געדרעהטער וועג אדער דורכגאנג; א לאבירינט; אן ארנאמענט, וואס בעשטעהט פון ליניען וועלכע דרעהען זיך היין און הער; זיך דרעהען היין און הער; מאכען אן אויבערפלעכליכע אויסמעסטונג פון א געגענד.

mean'drian *a.* (מי-ענ'-דרי-ען) זיך דרעהענד; זיך שלענגלענדיג.

mean'drically *adv.* (מי-ענ'-דרי-קעל-אי) זיך דרעהענדיג, זיך שלענגלענדיג.

mean'drine *a.* (מי-ענ'-דרין) ז. *meandrous*.

mean'drous *a.* (מי-ענ'-דראס) געדרעהט, געשלענגעלט.

mea'ning *n. and a.* (מיע'-נינג) א מיינונג, אבזיכט, א כונה; א בעדייטונג, א זין; בעדייטונגספול.

mea'ningful *a.* (מיע'-נינג-פול) בעדייטונגספול.

mea'ningless *a.* (מיע'-נינג-לעס) בעדייטונגסלאז; זינלאז, אונזיניג.

mea'ningly *adv.* (מיע'-נינג-לי) בעדייטונגספול; אבזיכטליך.

mea'ningness *n.* (מיע'-נינג-נעס) בעדייטונג, בעדייטזאמקייט.

mean'ly *adv.* (מיענ'-לי) אויף א געמיינעם אופן; געמיין; נידריג: נידערטרעכטיג; מיט בעליידיגונג, מיט פעראכטונג.

mean'ness *n.* (מיענ'-נעס) נידריגקייט, געמיינהייט; נידערטרעכטיגקייט; קארגקייט; קליינליכקייט.

mean propor'tional (מיען פרא-פאור'-שאנ-על) אין מאטעמאטיק — די מיטעלע פראפארציאנאלע, געאמעטרישער מיטעל-ווערטה.

means *n.* (מיענז) מיטלען.

mean speed (מיען ספיעד) דורכשניטליכע געשווינדקייט.

mean'-spir'ited *a.* (מיענ'-ספיר'-אי-טעד) נידערטרעכטיג, געמיין.

meant (מענט) געמיינט, געדענקט. ז. *mean*.

mean'time *adv. and n.* (מיענ'-טאים) אונטערדעסען, דערווייל; די צווישענצייט.

mean voice (מיען וואיס) א צווישען-שטימע, א מיטעל-שטימע [ווי טענאר אדער אלטא].

mean'while *adv. and n.* (מיענ'-הוואיל) ז. *meantime*.

mease *n.* (מיעז) די צאהל פון 500 הערינג.

mea'sle *n.* (מיעזל) די לארווע פון וועלכער עס ענטוויקעלט זיך דער ווארעם וואס פעראורזאכט מאזלען-קראנקהייט ביי חזירים; אזא מאזעל-ארטיגער פלעק אויף פלאנצען-בלעטער.

mea'sled *a.* (מיעזלד) וואס איז אנגעגריפען פון מאזלען.

mea'sles *n.* (מיעזלז) מאזלען; מאזעל-ארטיגע פלעקען אויף בלעטער פון פלאנצען [אזא פלאנצען-קראנקהייט]; מאזלען-קראנקהייט ביי חזירים.

mea'sle-worm *n.* (מיע'זל-הוואירם) דער ווארעם וואס פעראורזאכט די מאזלען-קראנקהייט ביי חזירים.

mea'sly *a.* (מיע'-זלי) וואס איז אנגעגריפען פון מאזלען; נידריג, געמיין, פעראכטליך.

meas'urable *a.* (מעזש'-אור-עבל) מעסטבאר, וואס מען קען מעסטען אדער אויסמעסטען; מעסיג [ניט גרויס].

meas'urableness *n.* (מעזש'-אור-עבל-נעס) מעסטבארקייט, דאס קענען געמאסטען ווערען.

meas'urably *adv.* (מעזש'-אור-ע-בלי) אויף א מעסטבארען אופן; מעסיג [ניט גרויס], אין א מעסיגען גראד.

meas'ure *n. and v.* (מעזש'-אור) א מאס; א פערהעלטניס, א מאסשטאב; א מאסרעגעל; פערזען-מאס אדער ריטם-מאס [אין געדיכטע]; אין מוזיק — צייט-מאס, טאן-מאס, טאקט; מעסטען, אויסמעסטען; אנטקעגען שטעלען, קאנקורירען; פערגלייכען; דורכמעסטען אדער דורכגעהן א פלאץ.

meas'ured *a.* (מעזש'-אורד) געמאסטען, אויסגעמאסטען; איינגעטיילט מיט א מאס, אבגעמאסטען, בעגרענצט; מעסיג; ריטמיש.

meas'ureless *a.* (מעזש'-אור-לעס) וואס קען ניט אויסגעמאסטען ווערען, אהן מאס; אונבעגרענצט, אונבעשרענקט.

meas'urelessness *n.* (מעזש'-אור-לעס-נעס) דאס ניט קענען אויסגעמאסטען ווערען; אונמעסיגקייט.

meas'urement *n.* (מעזש'-אור-מענט) דאס מעסטען, א מאס-סיסטעם; די מאס.

meas'ure of a num'ber (מעזש'-אור אוו ע נאמ'-בער) א צאהל, וועלכע טיילט אן אנדער צאהל אהן א רעסט [צ. ב. די צאהל 3 אין 15 א. ד. ג.].

meas'ure of capac'ity (מעזש'-אור אוו קע-פעס'-אי-טי) א קאפאציטעטס-מאס [א מאס ווי א קווארט, ליטער א. ד. ג. צו מעסטען פליסיגקייטען ווי אויך געוויסע טרוקענע ארטיקלען].

measure one's length (מעזש'-אור וואנז לענגטה) זיך אויסציהען ווי לאנג מען איז, פאלען מיט דער גאנצער לענג.

meas'urer *n.* (מעזש'-אור-ער) א מעסטער; א פעלד-מעסטער, א קאמארניק.

meas'ure strength (מעזש'-אור סטרענגטה) זיך מעסטען מיט די קרעפטען.

meas'ure swords (מעזש'-אור סאורדז) פעכטען מיט שווערדען.

meas'uring cast (מעזש'-אור-אינג קעסט) א ווארף אין א שפיעל וואס איז אזוי ענליך צו א צווייטען, אז מען קען זיי ניט אונטערשיידען מיט'ן אויג, נאר מען מוז מאכען אן אויסמעסטונג; עטוואס וואס איז אין צווייפעל.

meas'uring-chain *n.* (מעזש'-אור-אינג-טשיין) א מעסט-קייט [צו מעסטען לאנד].

meas'uring-glass *n.* (מעזש'-אור-אינג-גלעס) א מעסט-גלאז [א גלעזערנע כלי איינגעטיילט אין גראדען, וועלכע ווערט בענוצט פון כעמיקער אדער אפטייקער צו מעסטען פליסיגקייטען].

meas'uring-line *n.* (מעזש'-אור-אינג-לאין) א מעסט-שנור.

meas'uring-machine' *n.* (מעזש'-אור-אינג-מע-שין') א מעסט-מאשין [פאר לענג-מעסטונגען].

meas'uring-worm *n.* (מעזש'-אור-אינג-הוואירם) א ווארעם וואס בעוועגט זיך פארווערטס דורך איינציהען זיך און אויסציהען זיך.

meat *n.* (מיעט) פלייש; דער עסבארער טייל פון עפעס [ווי פון אן איי, א נוס א. ז. וו.]; א מאהלצייט.

mea'tal *a.* (מי-איי'-טעל) וואס איז שייך צו א קאנאל אין קערפער. ז. *meatus*.

meat'-chop'per *n.* (מיעט'-טשאפ'-ער) א האק-מעסער צום האקען פלייש.

mea'ted *a.* (מיע'-טעד) מיט פלייש, וואס האט פלייש, א פליישיגען אדער עסבארען טייל.

meat'-fly *n.* (מיעט'-פלאי) די פלייש-פליעג [אזא פליעג וואס לעגט איהרע אייער אויף פלייש, מיט וואס די שפעטערדיגע פליגלען-ווערימלעך וואס קומען ארויס פון די אייער, שפייזען זיך].

mea'tiness *n.* (מיע'-טי-נעס) פליישיגקייט; דאס האבען אן עסבארען, וויכען טייל [ווי אן איי, א נוס א. ז. וו.]; נאהרהאפטיגקייט; דאס האבען אינהאלט [ווי א געשפרעך], בעדייטונגספול.

meat'-jack *n.* (מיעט'-דזשעק) א בראט-שפיעז.

meat'less *a.* (מיעט'-לעס) אהן פלייש; אהן נאהרונג, אהן שפייז.

meat'-mar'ket *n.* (מיעט'-מאר'-קעט) א פלייש-געשעפט; א פלייש-מארק.

meat'-of'fering *n.* (מיעט'-אפ'-ע-רינג) א שפייז-אפפער [א קרבן מנחה].

meat'-pie *n.* (מיעט'-פאי) א פלייש-קוכען, א פלייש-פיראג.

meat'-safe *n.* (מיעט'-סייף) א פלייש-קאמער, א פלייש-אלמער.

meat'-tea *n.* (מיעט'-טיע) א טהעע-מאהלצייט ביי וועלכען מען עסט פלייש-שפייזען.

mea'tus *n.* (מי-איי'-טאס) א קאנאל אין קערפער [ווי דער אורין-קאנאל א. ד. ג.].

mea'ty *a.* (מיע'-טי) פליישיג; וואס האט א סך פלייש; נאהרהאפט; אינהאלטסרייך.

Mec'can *a. and n.* (מעק'-ען) וואס איז שייך צו דער שטאדט מעקא [א הייליגע שטאדט אין אראביען, וואו מאכמעד איז געבארען געווארען און וואוהין די מאכמעדאנער זיינען עולי לרגל]; אן איינוואהנער פון מעקא.

mech. אן אבקירצונג פון די ווערטער *mechanical* אדער *mechanics*

mechan'ic *n. and a.* (מי-קענ'-איק) א בעל-מלאכה, א מעכאניקער, א מאשיניסט; איינער וואס ארבייט מעכאניש,

מאשין־מעסיג, אויטאמאטיש [אהן קאפ, אהן געפיהל]; מעלאניש; מאשין־מעסיג; וואס איז שייך צו מעכאניק; וואס איז שייך צו האנדוועוערק אדער מלאכה; מאטעריאליסטיש, אטאמיסטיש [ז. *materialism*]; איינפאך; גראב, וואולגאר.

mechan'ical *a.* (מי-קענ'-אי-קעל) מעכאניש, וואס איז שייך צו מעכאניק; וואס איז שייך צו א מעכאניזם אדער מאשין; וואס איז געשאפען דורך א מאשין; מאטעריאליסטיש [ז. *materialism*]; וואס ברייננט נור א מעכאנישע ענדערונג אין שטאף [א קוואנטיטאטיווע אדער אויסערליכע ענדערונג, אבער ניט קיין קוואליטאטיווע]; וואס ווערט ערהאלטען דורך א מעכאנישען עקספערימענט; וואס האט א טאלאנט פון א מעכאניקער; וואס טהוט די ארבייט פון א מעכאניקער; וואס ווערט געטהאן מעכאניש, מאשין־מעסיג אדער אויטאמאטיש; איינפאך, גראב, וואולגאר.

mechan'ical engineer' (מי-קענ'-אי-קעל ענ-דזשי-ניער') א מאשינען־אינזשינער.

mechan'ical engineer'ing (מי-קענ'-אי-קעל ענ-דזשי-ניער'-אינג) די אינזשינער־קונסט פון מאשינען־בוי.

mechan'ical force (מי-קענ'-אי-קעל פאורס) מעכאנישע אדער בעוועגענדע קראפט.

mechan'ically *adv.* (מי-קענ'-אי-קעל-אי) אין איינקלאנג מיט די פרינציפען פון מעכאניק; פון א מעכאנישען שטאנדפונקט, לויט דער מעכאנישער קאנסטרוקציאן; דורך מעכאנישער קראפט; אויף א מעכאנישען אופן, אזוי ווי א מאשין, אזוי ווי אן אויטאמאט [אהן קאפ, אהן געפיהל]; אויף אן אופן וואס ברייננט נור א מעכאנישע ענדערונג אין שטאף [א קוואנטיטאטיווע אדער אויסערליכע ענדערונג, ניט קיין קוואליטאטיווע].

mechan'ical mix'ture (מי-קענ'-אי-קעל מיקס'-טשור) א מעכאנישע מישונג [א מישונג פון שטאפען ביי וועלכער די כעמישע אייגענשאפטען פון די שטאפען ווערען ניט געענדערט].

mechan'icalness *n.* (מי-קענ'-אי-קעל-נעס) דאס זיין מעכאניש אדער מאשין־מעסיג.

mechan'ical philos'ophy (מי-קענ'-אי-קעל פי-לאס'-א-פי) די מאטעריאליסטישע פילאזאפיע [ז. *materialism*]; די פיזיק אלס באזיס פון דער פילאזאפיע.

mechan'ical pow'ers (מי-קענ'-אי-קעל פאו'-ערז) איינפאכע מאשינען; מעכאנישע פאטענצען [מאשינען־טיילען, וועלכע געפינען זיך אין יעדער מאשין].

mechan'ical prin'ter (מי-קענ'-אי-קעל פרינ'-טער) ז. *type-writer*

mechan'ic arts (מי-קענ'-איק ארטס) מעכאנישע קינסטע, אומנות, מלאכה.

mechani'cian *n.* (מעק-ע-ניש'-ען) א מעכאניקער, א מאשיניסט.

mechanicochem'ical *a.* (מי-קענ-אי-קאו-קעמ'-אי-קעל) וואס ווירקט פיזיקאליש און כעמיש [ווי עלעקטריציטעט, למשל].

mechan'ics *n.* (מי-קענ'-איקס) מאשינען־לעהרע; מעכאניק, די טעאריע פון בעוועגונג.

mech'anism *n.* (מעק'-ע-ניזם) א מעכאניזם, א מאשינעריע.

mech'anist *n.* (מעק'-ע-ניסט) א מעכאניקער, א מאשיניסט.

mech'anize *v.* (מעק'-ע-נאיז) מאכען מעכאניש; אויסארבייטען די מעכאנישע איינצעלהייטען [פון עטוואס].

mech'anizer *n.* (מעק'-ע-נאי-זער) אן אנהענגער פון א מעכאנישער ארדנונג אדער סיסטעם; א פארמאליסט.

mechanog'raphy *n.* (מעק-ע-נאג'-רע-פי) די קונסט צו מאכען קאפיעס פון שריפטען, קונסט־ווערק א. ז. וו. מיט דער הילף פון א מאשין.

Mech'lin *a. and n.* (מעק'-לין) וואס ווערט פראדוצירט אין דער שטאדט מעכעלן, אין בעלגיען; איינזאץ, שפיצען [קרוזשעווע] וואס זיינען פאבריצירט אין מעכעלן.

mecon'ic *a.* (מי-קאנ'-איק) וואס קומט פון מאהן אדער אפיום.

mecon'ic ac'id (מי-קאנ'-איק עס'-איד) מעקאן־זויערע [אן ארגאנישע זויערע וואס געפינט זיך אין אפיום].

meco'nium *n.* (מי-קאו'-ני-אם) קינדער־דרעק [די צאה פון א ניי־געבארענעם קינד].

med. אן אבקירצונג פון *medicine* אדער פון *medical*

med'al *n.* (מעד'-על) א מעדאל.

med'alist *n.* (מעד'-על-איסט) א מעדאלען־זאמלער; איינער וואס מאכט מעדאלען; איינער וואס האט געקראגען א מעדאל.

medal'lic *a.* (מי-דעל'-איק) וואס געהערט צו מעדאלען.

medal'lion *n.* (מי-דעל'-יאן) א גרויסער מעדאל; א מעדאליאן.

med'allist *n.* (מעד'-על-איסט) ז. *medalist*

med'dle *v.* (מעדל) זיך אריינמישען.

med'dler *n.* (מעד'-לער) איינער וואס מישט זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dlesome *a.* (מעד'ל-סאם) וואס מישט זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dlesomeness *n.* (מעד'ל-סאם-נעס) דאס אריינמישען זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dling *a. and n.* (מעד'-לינג) וואס מישט זיך אריין אין פרעמדע עסקים; דאס אריינמישען זיך אין פרעמדע עסקים.

med'dlingly *adv.* (מעד'-לינג-לי) אריינמישענדיג זיך אין פרעמדע עסקים.

me'dia *n.* (מי'-די-א) מעדיומס [ז. *medium*]; דער מיטעלסטער שיכט פון אן ארטעריע.

mediæ'val *a. and n.* (מי-די-איע'-וועל) ז. *medieval*

mediæ'valism *n.* (מי-די-איע'-וועל-איזם) ז. *medievalism*

mediæ'valist *n.* (מי-די-איע'-וועל-איסט) ז. *medievalist*

mediæ'valize *v.* (מי-די-איע'-וועל-איז) ז. *medievalize*

mediæ'vally *adv.* (מי-די-איע'-וועל-אי) ז. *medievally*

me'dial *a.* (מי'-די-על) וואס איז שייך צום מיטען; וואס געפינט זיך אין מיטען צווישען צוויי עקסטרעמען; מיטעלמעסיג, געמיין; אין ספיריטיזם — וואס איז שייך צו א מעדיום אדער פערזאן, אויף וועלכער עס ווירקען אונמיטעלבאר געהיימניספאלע קרעפטע און גייסטער.

me'dian *a.* (מי'-די-ען) וואס איז שייך צום מיטען; וואס איז געשטעלט אין מיטען.

me'dian plane (מי'-די-ען פליין) אין אנאטאמיע — די פלעכע וואס צוטיילט א קערפער אין דער לענג אויף צוויי סימעטרישע העלפטען.

me'diant *n.* (מי'-די-ענט) אין מוזיק — די מעדיאנטע, די טערץ [דער דריטער טאן פון גרונד־טאן].

me'diate *v. and a.* (מי'-די-אייט) פערנעהמען א מיטעל־שטעלע; דיענען אלס מיטעל אדער פערמיטלער; פערמיטלען, זיך שטעלען אין מיטען, זיך אריינמישען; אין ספיריטיזם — דיענען אלס מעדיום אדער פערזאן אויף וועלכער עס ווירקען אונמיטעלבאר געהיימניספאלע קרעפטע און גייסטער; וואס געפינט זיך אין מיטען; מיטעלבאר; וואס דיענט אלס מיטעל אדער פערמיטלער; וואס דיענט אלס מעדיום [אין ספיריטיזם].

me'diate agglutina'tion (מי'-די-אייט עג-לו-טי-ניי'-שאן) אין כירורגיע — דאס מיטעלבארע בעהעפטען די אויפגעשניטענע טיילען פון קערפער אדער די ליפען פון א וואונד, אריינלעגענדיג צווישען זיי וועלכען ניט איז שטאף.

me'diate ausculta'tion (מי'-די-אייט אהס-קאל-טיי'-שאן) דאס אויסהערען א קראנקען ניט דירעקט מיט'ן אויער, נאר מיט א געוויסען אינסטרומענט.

me'diate cer'tainty (מי'-די-אייט סויר'-טענ-טי) א מיטעלבארע געוויסהייט, א זאך וועלכע מען האלט פאר געוויס אויף'ן גרונד פון ערפאהרונג אדער לאגישער שלוס־פאלגערונג. ז. *immediate certainty*

me'diate ev'idence (מי'-די-אייט עוו'-אי-דענס) אין געריכטס־פראצעסען — אזא ארט עדות־זאגען, וועלכע דערוויזט ניט דירעקט דעם פאקט וואס מען דארף דערווייזען, נאר האט אן אונדירעקטע שייכות צו איהם.

me'diate knowl'edge (מי'-די-אייט נאל'-עדזש) דאס וויסען וואס ווערט ערווארבען ניט דירעקט אדער אונמיטעלבאר [ווי למשל, אז שווארץ איז ניט ווייס], נאר דורך געוויסע ערפאהרונגען און לאגישען דענקען.

me'diately *adv.* (מי'-די-אייט-לי) אויף א מיטעלבארען שטייגער; זיך אריינלעגענדיג צווישען; זיך אריינמישענדיג אין מיטען.

me'diateness *n.* (מי'-די-אייט-נעס) דאס זיין מיטעלבאר; דאס לעגען זיך אין מיטען; דאס פערמיטלען; דאס אריינמישען זיך.

media'tion *n.* (מי-די-איי'-שאן) דאס אריינמישען זיך; דאס אריינלעגען זיך צווישען; פערמיטלונג; שתדלנות; אין מוזיק — דער טייל פון א מעלאדיע, וועלכער ליעגט צווישען דער אינטאנאציע און דער ענדונג; דער הויפט טייל פון א נגון.

me'diative *a.* (מי'-די-איי-טיוו) וואס דיענט אלס מיטעל אדער פערמיטלער.

mediatiza'tion *n.* (מי-די-ע-טי-זיי'-שאן) מעדיאטיזירונג, דאס אונטערווארפען א קלענערע מלוכה אונטער א גרעסערע. ז. *mediatize*

me'diatize *v.* (מי'-די-ע-טאיז) מעדיאטיזירען, אונטערווארפען א קלענערע מלוכה אונטער א גרעסערער [בנוגע צו די פערשיעדענע מלוכות פון דייטשלאנד. אמאל זיינען אלע דייטשע גרעסערע און קלענערע מלוכות געווען גלייכבערעכטיגטע טיילען פון דער אלגעמיינער דייטשער אימפעריע. שפעטער זיינען די קליינע מלוכות'לעך מעדיאטיזירט געווארען, ד. ה. זיי האבען אויפגעהערט צו זיין זעלבסטשטענדיגע טיילען פון דער דייטשער אימפעריע מיט אייגענער מאכט און פעראנטווארטליכקייט, נאר זיינען אונטערגעוואר־

פעז געווארען אונטער די שכנ'ישע גרעסערע מלוכות, פערבלייבענדיג זעלבסטשטענדיג נור אין זייערע לאקאלע אנגעלעגענהייטען].

me'diator *n.* (מי'־די־איי־טאר) א פערמיטלער; איינער וואס מישט זיך אריין; איינער וואס לעגט זיך אריין צו מאכען א פשרה; אן אגענט, א פאקטאר.

mediato'rial *a.* (מי־די־ע־טאו'־רי־על) פערמיטלעריש; וואס געהערט צו א פערמיטלער.

mediato'rially *adv.* (מי־די־איי־טאו'־רי־על־אי) דורך פערמיטלונג; אויף א פערמיטלערישען שטייגער.

me'diatorship *n.* (מי'־די־איי־טאר־שיפ) פערמיטלערשאפט; דאס אמט אדער די שטעלע פון א פערמיטלער.

me'diatory *a.* (מי'־די־איי־טא־רי) ז. *mediatorial*.

me'diatress *n.* (מי'־די־איי־טרעס) א פערמיטלערין, א מעקלערין.

media'trix *n.* (מי־די־איי'־טריקס) ז. *mediatress*.

med'ic *n.* (מעד'־איק) א דאקטאר; איינער וואס שטודירט מעדיצין; לוצערן אדער אלפאלפא [אזא גראז]. ז. *lucerne*.

med'icable *a.* (מעד'־אי־קעבל) היילבאר; וואס מען קען היילען.

med'ical *a.* and *n.* (מעד'־אי־קעל) וואס איז שייך צו מעדיצין; מעדיציניש; איינער וואס שטודירט מעדיצין; א קליין גלעזערן פלעשעל.

med'ical advice' (מעד'־אי־קעל עד־וואיס') ערצטליכע הילף, אן עצה פון א דאקטאר.

med'ical board (מעד'־אי־קעל באורד) דער דאקטוירים־ראטה.

med'ical jurispru'dence (מעד'־אי־קעל דזשו־רים־פרו'־דענס) געריכטליכע מעדיצין [דער טייל פון יוריספרודענץ וואס האט א שייכות צו דער מעדיצינישער וויסענשאפט, ווי די פראגען וועגען וואונדען, גיפט, משוגעת'ען א. ז. וו.].

med'ically *adv.* (מעד'־אי־קעל־אי) אויף א מעדיצינישען אופן; מיט א מעדיצינישען צוועק; בנוגע צו מעדיצין.

med'ical man (מעד'־אי־קעל מען) א דאקטאר, א כירורג; אין ענגלאנד — א רופא, וועלכער האט ניט קיין דאקטאר־דיפלאם.

med'icament *n.* (מעד'־אי־קע־מענט) א מעדיקאמענט, א הייל־מיטעל, א רפואה; מעדיצינישע ווירקונג; הייל־קראפט.

medicamen'tal *a.* (מעד־אי־קע־מענ'־טעל) וואס איז שייך צו א רפואה; היילזאם.

medicamen'tally *adv.* (מעד־אי־קע־מענ'־טעל־אי) ווי א מעדיקאמענט אדער רפואה.

medicamen'tary *a.* (מעד־אי־קע־מענ'־טע־רי) ז. *medicamental*.

medicamenta'tion *n.* (מעד־אי־קע־מען־טיי'־שאן) ז. *medication*.

med'icaster *n.* (מעד'־אי־קעס־טער) א דאקטארעל, א קאנאוואל, אן אונוויסענדער דאקטאר; א שארלאטאן אין מעדיצין.

med'icate *v.* (מעד'־אי־קייט) מישען עפעס מיט א רפואה; געבען רפואות.

med'icated ale (מעד'־אי־קיי־טעד איי'ל) ביער געברייט מיט געוויסע גראזען, וואס דיענט אלס רפואה.

med'icated bath (מעד'־אי־קיי־טעד בעטה) א קרייטער־באד [א וואנע געמאכט מיט גראזען פאר א רפואה].

medica'tion *n.* (מעד־אי־קיי'־שאן) דאס פערמישען עפעס מיט א רפואה; דאס אריינגעבען א רפואה; דאס ארויסרופען עפעס אין ארגאניזם מיט דער הילף פון רפואות.

med'icative *a.* (מעד'־אי־קיי־טיוו) היילענד; קורירענד; וואס ענטהאלט היילענדע אייגענשאפטען.

med'icator *n.* (מעד'־אי־קיי־טאר) איינער וואס מאכט אדער גיט רפואות; אן אינסטרומענט, דורך וועלכען א הייל־מיטעל ווערט אריינגעגעבען אין קערפער.

med'icatory *a.* (מעד'־אי־קיי־טא־רי) ז. *medicative*.

medic'inal *a.* (מי־דיס'־אי־נעל) מעדיציניש; היילזאם.

medic'inal herbs (מי־דיס'־אי־נעל הוירבז) גראזען וואס ווערען געברויכט אין מעדיצין.

medic'inally *adv.* (מי־דיס'־אי־נעל־אי) אויף א מעדיצינישען אדער היילבארען שטייגער.

medic'inal spring (מי־דיס'־אי־נעל ספרינג) א הייל־קוואל.

med'icine *n.* (מעד'־אי־סין) א מעדיצין, א רפואה, רפואות; דאס היילען, קורירען; דאס וואס ענטהאלט אין זיך כלומרשט א מאגישע היילונגס־קראפט [ווי קמיעות].

med'icine-bag *n.* (מעד'־אי־סינ־בעג) א זאק, אין וועלכען די מכשפים פון די ווילדע און בארבארישע פעלקער טראגען זייערע הייל־מיטלען [ווי קמיעות, וואלף־צייהנדלעך א. ד. ג.].

med'icine-chest *n.* (מעד'־אי־סינ־טשעסט) א קעסטעל, אין וועלכען מען האלט רפואות און אויך כירורגישע אינסטרומענטען.

med'icine-lodge *n.* (מעד'־אי־סינ־לאדזש) א קליין שטיבעל ביי די נארד־אמעריקאנישע אינדיאנער וואו מען האלט אב געהיימע רעליגיעזע צערעמאניעס.

med'icine-man *n.* (מעד'־אי־סינ־מען) ביי די אינדיאנער און אנדערע ווילדע און בארבארישע שבטים — א מכשף, א מענש וועלכער האט א איבערנאטירליכע קראפט צו היילען קראנקהייטען.

med'iciner *n.* (מעד'־אי־סי־נער) א מעדיקער; א דאקטאר.

med'icine-spoon *n.* (מעד'־אי־סינ־ספוהן) א מין פארצעלייענער לעפעל אדער שיסעלע מיט א שנויץ, מיט וועלכען מען נעהמט איין רפואות.

med'ico *n.* (מעד'־אי־קאו) א דאקטאר.

med'icochirur'gical *a.* (מעד'־אי־קאו־קאי־רויר'־דזשי־קעל) מעדיקא־כירורגיש; וואס איז שייך צו מעדיצין און כירורגיע; וואס בעשטעהט פון מעדיקער און כירורגען.

medi'etas lin'guæ (מי־דאי'־ע־טעס לינ'־גהוויע) א שוואור־געריכט, וואס בעשטעהט העלפט פון איינגעבארענע און העלפט פון אויסלענדער [ביים משפט'ען אן אויסלענדער].

medi'ety *n.* (מי־דאי'־ע־טי) די העלפט; דער מיטען; דער מיטעלער וועג, די מיטעלע שטעלונג.

medie'val *a.* and *n.* (מי־די־אי'־וועל) מיטעלאלטערליך, וואס איז שייך צום מיטעלאלטער אדער צו דער פעריאדע אין דער וועלט־געשיכטע פון דעם אונטערגאנג פון דער אלט־רוימישער מלוכה [אין ענדע פון 5טען יאהרהונדערט] ביז דער ענטדעקונג פון אמעריקא [אנפאנג 16טען יאהרהונדערט]; איינער וואס האט געלעבט אין דער צייט פון מיטעלאלטער.

medie'val his'tory (מי־די־אי'־וועל היס'־טא־רי) די געשיכטע פון מיטעלאלטער [פון דעם אונטערגאנג פון דער אלט־רוימישער מלוכה אין ענדע פון 5טען יאהרהונדערט ביז דעם אנפאנג פון 16טען יאהרהונדערט].

medie'valism *n.* (מי־די־אי'־וועל־איזם) דאס וואס כאראקטעריזירט זיך מיט'ן מיטעלאלטער; דער גייסט פון מיטעלאלטער; איבערגעבענהייט צום גייסט פון מיטעלאלטער.

medie'valist *n.* (מי־די־אי'־וועל־איסט) א קענער פון דער געשיכטע פון מיטעלאלטער; אן אנהענגער פון דעם גייסט פון מיטעלאלטער; איינער וואס האט געלעבט אין מיטעלאלטער.

medie'valize *v.* (מי־די־אי'־וועל־איז) מאכען מיטעלאלטערליך; צוגעבען א מיטעלאלטערליכע פארם.

Medie'val Lat'in (מי־די־אי'־וועל לעט'־אין) ז. *Low Latin*.

medie'vally *adv.* (מי־די־אי'־וועל־אי) אויף א מיטעלאלטערליכען שטייגער.

me'dine *n.* (מי'־דין) די מעדינא אדער פארא [א קליינע עגיפטישע מטבע, א פיערטעל פון א פיאסטער].

me'diocre *a.* and *n.* (מי'־די־או־קער) מיטעלמעסיג, ארדינער, גאנץ געוועהנליך; ניט איבערגעשפיצט.

The manager is a man of mediocre abilities.

me'diocrist *n.* (מי'־די־או־קריסט) אן ארדינערער, גאנץ געוועהנליכער מענש.

medioc'rity *n.* (מי־די־אק'־רי־טי) מיטעלמעסיגקייט; אן ארדינערער, גאנץ געוועהנליכער מענש.

The membership of this club is full of mediocrities.

med'itate *v.* (מעד'־אי־טייט) דענקען; נאכדענקען; בעטראכטען עפעס; איבערלעגען, נאכדענקען איבער עפעס; אין זינען האבען; בעאבזיכטיגען.

medita'tion *n.* (מעד־אי־טיי'־שאן) דאס דענקען, דאס בעטראכטען; דאס טיעפע רעליגיעזע אריינטראכטען זיך; די נאכדענקונג; דאס דאווענען אדער דאס אריינטראכטען זיך אין געטליכקייט מיט א טיעפער כונה; א רעליגיעזע הימנע אדער תפילה, וואס איז פערפאסט געווארען מיט דעם ציעל ארויסצורופען א טיעפע רעליגיעזע נאכדענקונג.

medita'tionist *n.* (מעד־אי־טיי'־שאנ־איסט) א פערפאסער פון רעליגיעזע הימנען, וואס האבען דעם ציעל ארויסצורופען א טיעפע רעליגיעזע נאכדענקונג.

med'itative *a.* (מעד'־אי־טיי־טיוו) דענקענד, נאכדענקענד, בעטראכטענד.

med'itatively *adv.* (מעד'־אי־טיי־טיוו־לי) נאכדענקענדיג; טיעף אריינטראכטענדיג זיך.

med'itativeness *n.* (מעד'־אי־טיי־טיוו־נעס) דאס טיעפע אריינטראכטען זיך.

mediterra'nean *a.* (מעד־אי־טע־ריי'־ני־ען) מיטעללענדיש; ארומגערינגעלט מיט לאנד [וועגען א ים].

Mediterra'nean *n.* and *a.* (מעד־אי־טע־ריי'־ני־ען) דער מיטעללענדישער ים, דער ים התיכון; וואס איז שייך צו די לענדער אדער פעלקער ארום דעם מיטעללענדישען ים.

me'dium *n.* and *a.* (מי'־די־אם) דאס מעדיום, דער מיטען; דאס וואס שטעהט אין מיטען; דאס וואס געפינט זיך צווישען צוויי עקסטרעמען; אין ספיריטיזם — א מעדיום אדער פערזאן, וועגען וועלכער

מען גלויבט, אז זי ווערט בעאיינפלוסט פון איבערנאטירליכע גייסטער און קרעפטען; אין פיזיק—דער עטהער אדער עפיר, וועלכער דיענט אלס טרעגער פון ליכט און ווארעמקייט; יעדע זאך, ווי לופט א. ד. ג., וועלכע דיענט אלס ספערע אדער סביבה, אין וועלכער עס קענען פארקומען געוויסע ערשיינונגען; אין מאלעריי — יעדע פליסיגקייט, ווי וואסער, אויל, לאק, אין וועלכע מען מישט אוים די פארבען; דאס מיטעל, דורך וועלכען עפעס ווערט בעווירקט, א הילפס=מיטעל; אין מאטעמאטיק — דאס אריפמעטישע מיטעל אדער די דורכשניטליכע צאהל, דער רעזולטאט וואס בעקומט זיך פון צוטיילען די סומע פון עטליכע צאהלען אויף זייער צאהל [ווי למשל דאס אריפמעטישע מיטעל פון 3 צאהלען 15, 8 און 25 בעקומט זיך ווען מען צוטיילט זייער סומע, ד. ה. 48 אויף זייער צאהל, ד. ה. אויף 3. דאס אריפמעטישע מיטעל אדער די דורכשניטליכע צאהל וועט אלזא זיין 16]; אין לאגיק — דער מיטעל=זאץ פון א סילאגיזם [א סילאגיזם אדער שלוס=פאלגערונג בעשטעהט געוועהנליך פון 3 זעצע, ווי למשל: 1) אברהם איז א מענש; 2) יעדער מענש מוז שטארבען; 3) פאלגליך, אברהם וועט מוזען שטארבען]; דאס מעדיאן פאפיער [א זארט פאפיער פון 23x18 צאל]; א מיטעלמעסיגע זאך, עפעס פון מיטעלמעסיגער גרויס, וואוקס א. ד. ג.; מיטעלמעסיג; דורכשניטליך.

mediumis'tic *a.* (מי-די-אם-איס'-טיק) וואס איז שייך צו מעדיומיסטישע אדער ספיריטיסטישע ערשיינונגען [ווי דאס טאנצען פון שטוהלען און בכלל די אלע געהיימניספאלע ערשיינונגען, אין וועלכע די ספיריטיסטען גלויבען].

me'diumship *n.* (מי'-די-אם-שיפ) דאס זיין א מעדיום אדער פערזאן, אויף וועלכער עס ווירקען געהיימניספאלע איבערנאטירליכע גייסטער און קרעפטע [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

me'dium-sized *a.* (מי'-די-אם-סאיזד) פון א מיטעלמעסיגער אדער דורכשניטליכער מאס.

med'lar *n.* (מעד'-לאר) דער מיספעל [א קליינע פרוכט, וואס האט די פארם פון א קליינעם ברוינעם עפעל. די פרוכט עסט מען און מען פרעגעלט זי ווען זי הויבט אן אביסעל פוילען]; דער מיספעל=בוים.

Medlar

med'lar-tree *n.* (מעד'-לאר-טריע) דער מיספעל=בוים [דאס קליינע בוימעל, אויף וועלכען עס וואקסען מיספעלען]. ז. *medlar*.

med'ley *n. and a.* (מעד'-לי) א געמיש, א געמישעכץ; א מיש=מאש; א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן וואס בעשטעהט פון בעזונדערע שטיקלעך, א פאפורי; צייג אדער שטאף וואס איז געוועבט פון וואל, וועלכע מען האט געפארבט אין פערשיעדענע פארבען פאר'ן שפינען; געמישט, אויסגעמישט.

Médoc' *n.* (מע-דאק') מעדאק [א זארט זעהר גוטער רויטער בארדא=וויין].

medul'la *n.* (מי-דאל'-א) דער אינווענינגסטער טייל פון אן ארגאן; דער מארך פון ביינער; דער רוקען=מארך; דער אינוועניגסטער טייל אדער דאס הערצעל פון האר; דאס הערצעל פון א פלאנצע.

medul'la oblonga'ta (מי-דאל'-א אב-לאן-גיי'-טא) דער הינטערשטער טייל פון'ם קאפ=מארך וואס איז פעראייניגט מיט'ן רוקען=מארך.

medul'lar *a.* (מי-דאל'-ער) ז. *medullary*.

med'ullary *a.* (מעד'-א-לע-רי) מארכיג, וואס געהערט צום מארך; פון מארך; וואס איז שייך צום הערצעל פון א פלאנצע.

Medu'sa *n.* (מי-דיו'-סא) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — מעדוזא, איינע פון די דריי שוידערליכע שוועסטער מיט שלאנגען אויף'ן קאפ אנשטאט האר [ז. *Gorgon*]; אין זאאלאגיע—די מעדוזע, איינע פון די מינים ווייכע ים=חיה'לעך. ז. *acaleph*.

meed *n.* (מיעד) א לוין, א בעלוינונג; א מתנה; כאבאר.

meek *a. and v.* (מיעק) מילד, געלאסען, ווייך, זאנפט, זאנפטמוטיג; וואס גיט זיך אונטער; וואס לאזט זיך בויגען; עניוות'דיג, קליין ביי זיך; זיך אונטערגעבען; זיין מילד אדער געלאסען; מאכען הכנעה'דיג, מאכען מילד.

meek'-eyed *a.* (מיעק'-איד) מיט מילדע אדער זאנפטע אויגען.

meek'ly *adv.* (מיעק'-לי) אויף א מילדען, זאנפטען אדער ווייכען אופן; מיט אונטערגעגעבענהייט; מיט הכנעה.

meek'ness *n.* (מיעק'-נעס) מילדקייט, ווייכקייט, גוטסקייט, זאנפטמוטיגקייט, עניוות.

meer'schaum *n.* (מיער'-שאהם) מעער=שוים [א מין ווייסער, ווייכער און לייכטער מינעראל, פון וועלכען מען מאכט טאבאק=ליולקעס אדער פיפקעס. געפינט זיך אין איטאליען, גריכענלאנד, קליין=אזיען און קרים]; א טאבאק=ליולקע אדער פיפקע געמאכט פון מעער=שוים.

meer'schaum pipe (מיער'-שאהם פאיפ) א טאבאק=ליולקע אדער פיפקע געמאכט פון מעער=שוים. ז. *meerschaum*.

meet *v., n. and a.* (מיעט) בעגעגנען; זיך טרעפען פנים אל פנים; זיך אנשטויסען אויף אימעצען אדער עפעס; זיך בעהעפטען; צוקומען, דערגרייכען עפעס; זיך צוזאמענשטויסען; בעפריעדיגען א פאדערונג, ערפילען א פערלאנג; ענטפערען אויף א טענה אדער פארוואורף; זיך צוזאמענקומען, זיך פערזאמלען; גגענזייטיג זיך צופאסען; צוזאמענשטימען, זיין אין אנקלאנג; א צוזאמענקלייבונג פון יעגער; דאס ארט וואו די יעגער קלייבען זיך צונויף; פאסענד; צוגעפאסט; וואס שיקט זיך; וואס לאזט זיך טרעפען; אנגענעהמליך.

mee'ter *n.* (מיע'-טער) דער וועלכער בעגעגנט, א בעגעגנער; איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פערזאמלונג.

meet half'-way (מיעט האפ'-הוויי) בעגעגנען זיך אין האלב=וועג; געהן איינער געגען אנדערען; אויסגלייכען זיך אדער קומען צו א פשרה דורך מאכען איינער דעם אנדערען הנחות.

mee'ting *n.* (מיע'-טינג) א מיטינג, א פערזאמלונג, אן אסיפה; א צוזאמענטרעפונג; א צוזאמענגיסונג [פון טייכען]; א בעהעפטונג; א פעראייניגונג; א פיינדליכע צוזאמענקונפט, א דועל.

mee'ting-house *n.* (מיע'-טינג-האוס) א געבעט=הויז, א בית=תפילה, א קירך; אין ענגלאנד — א געבעט=הויז פון דיסידענטען.

meet'ly *adv.* (מיעט'-לי) פאסענדיג; צוגעפאסטערהייד.

meet'ness *n.* (מיעט'-נעס) [ד]אס זיין צוגעפאסט; טויגבארקייט; צוגעפאסטקייט.

meet one's match (מיעט הוואנז מעטש) אנטרעפען א גלייכען צו זיך.

meet one's responsibil'ity (מיעט הוואנז רי-ספאנ-סי-ביל'-אי-טי) טהאן [ז]יין חוב.

meet the eye (מיעט טהי אי) [ב]עמערקט ווערען; זיך לאזען זעהן.

meet togeth'er (מיעט טו-געטה'-ער) [ז]יך בעגעגנען, זיך צוזאמענטרעפען.

meet with (מיעט הוויטה) פעראייניגען זיך; צושטעהן צו א קאמפאניע אדער געזעלשאפט; אנטרעפען אויף עפעס אונערוואַרטעטעס; ליידען עפעס, אריבערטראגען יסורים; זיך געגעגנשטעלען.

meet with an ac'cident (מיעט הוויטה ען עק'-סי-דענט) געטראפען ווערען פון א צופאל אדער אונגליק.

meet with a refus'al (מיעט הוויטה [ע] רי-פיוז'-על) קריעגען אן ענטפער אויף [...]ניין; אבגעזאגט ווערען.

meet with a repulse' (מיעט הוויטה [ע] רי-פאלס') כאפען אן אבשניט; צוריקגעשטויסען ווערען.

megac'erous *a.* (מי-געס'-ע-ראס) וואס האט זעהר גרויסע הערנער [ווי דער הירש וואס האט זיך געפונען אין די אוראלטע צייטען אין אירלאנד].

meg'acosm *n.* (מעג'-ע-קאזם) דער וועלט=אל, די וועלט אין גאנצען. ז. *macrocosm*.

meg'aderm *n.* (מעג'-ע-דוירם) [ז]עהר א גרויסע אויסטראלישע פלעדערמויז; א מין אינדישע פלעדערמויז.

meg'adont *a.* (מעג'-ע-דאנט) וואס האט גרויסע ציינער.

meg'adyne *n.* (מעג'-ע-דאין) א מעגאדין, א קראפט=איינהייט וואס ענטהאלט א מיליאן דינען. ז. *dyne*.

meg'aerg *n.* (מעג'-ע-אוירג) א מעגאערג, א מאס=איינהייט וואס ענטהאלט א מיליאן ערג. ז. *erg*.

meg'afarad *n.* (מעג'-ע-פער-עד) א מעגאפאראד, אן עלעקטרישע איינהייטס=מאס וואס ענטהאלט א מיליאן פאראד. ז. *farad*.

meg'alerg *n.* (מעג'-ע-לוירג) ז. *megaerg*.

meg'alith *n.* (מעג'-ע-ליטה) א מעגאליט, א גרויסער שטיין; איינער פון די גרויסע שטיינער, מיט וועלכע עס זיינען געווען געבויט די פארצייטיגע ציקלאפישע געביידען. ז. *Cyclops*.

megalith'ic *a.* (מעג-ע-ליטה'-איק) וואס בעשטעהט אדער וואס איז געבויט פון מעגאליטען אדער זעהר גרויסע שטיינער [ווי די ציקלאפישע געביידען אין אלט=גריכענלאנד]. ז. *Cyclops*.

megaloma'nia *n.* (מעג-ע-לא-מיי'-ני-א) מעגאלאמאניע, די מאניע אדער משוגעת פון גרויסקייט [אזא משוגעת, ביי וועלכער דער קראנקער איז איינגעגלויבט, אז ער איז אונגעהויער גרויס און מעכטיג].

megaloma'niac *a. and n.* (מעג-ע-לא-מיי'-ני-עק) וואס איז שייך צו מעגאלאמאניע; איינער וואס ליידט פון מעגאלאמאניע. ז. *megalomania*.

megalomani'acal *a.* (מעג-ע-לא-מע-נאי'-ע-קעל) וואס איז שייך צו אדער וואס ליידט פון מעגאלאמאניע. ז. *megalomania*.

megalop'sia *n.* (מעג-ע-לאפ'-סי-א) מעגאלאפסיע, אן אוננארמאליטעט פון אויג, ביי וועלכער אלע זאכען ווייזען זיך אויס פיעל פערגרעסערט.

megalosau'rian *a. and n.* (מעג-ע-לא-סאה'-רי-ען) וואס האט דעם כאראקטער פון א מעגאלאזאורוס; א מעגאלאזאורוס. ז. *Megalosaurus*

Megalosau'rus *n.* (מעג-ע-לא-סאה'-ראס) דער מעגאלאזאורוס [א מין גיגאנטישער פלייש-פרעסענדער רעפטיל פון די אוראלטע צייטען. זיינע ביינער געפינט מען אין פעריאָדענע בערג-שיכטען].

Megalosaurus

meg'aphone *n.* (מעג'-ע-פאון) א מעגאפאן [אן אפאראט וואס ווערט בענוצט פון טויבע צו הערען. ווערט אויך בענוצט צו לאזען הערען די שטימע פון א ווייטער שטרעקע].



Megaphone

Mega'rian *a.* (מע-גיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו מעגארא [א שטאדט אין אלט-גריכענלאנד, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר בעריהמטער פילאזאפישער שוהל]. ז. *Megarian school*

Mega'rian school (מע-גיי'-רי-ען סקוהל) א פילאזאפישע שוהל, וועלכע עס האט געגרינדעט אויקלידאס, סאקראטעס'עס א תלמיד, אין דער שטאדט מעגארא אין אלט-גריכענלאנד. די פילאזאפען פון דיזער שוהל האבען געלערענט, אז די מאטעריעלע וועלט האט נים קיין רעאלע עקזיסטענץ און די איינציגע רעאליטעט איז די טוגענד. דיזע שוהל האט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט איהר סאפיסטישען פלפול און האט זיך גערופען די דיאלעקטישע שוהל.

meg'ascope *n.* (מעג'-ע-סקאופ) א מעגאסקאפ, א פאטאגראפישער אפאראט, וואס ווארפט אב א בילד פון א זאך אין א פערגרעסערטער געשטאלט; א מין שפאקטיוו צו בעטראכטען גרויסע אדער פערגרעסערטע זאכען.

megascop'ic *a.* (מעג-ע-סקאפ'-איק) מעגאסקאפיש, וואס מען קען זעהן מיט'ן בלויזען אויג אהן דער הילף פון א פערגרעסערונגס-גלאז [אין געגענזאץ צו מיקראסקאפיש].

megascop'ical *a.* (מעג-ע-סקאפ'-אי-קעל) ז. *megascopic*

megascop'ically *adv.* (מעג-ע-סקאפ'-אי-קעל-אי) מיט'ן בלויזען אויג; אהן דער הילף פון א פערגרעסערונגס-גלאז.

megathe'rium *n.* (מעג-ע-טהי'-רי-אם) דער מעגאטעריום [א גיגאנטישע חיה פון די אוראלטע צייטען, וועמעס ביינער און סקעלעטען מען געפינט פערשטיינערט אין די בערג-שיכטען פון דרום-אמעריקא. דיזע חיה איז געווען עהנליך צו דעם פויל-טהיער פון היינטיגער צייט].

Megatherium

me'grim *n.* (מי'-גרים) מיגרען [א מין קאפ-שמערץ]. ז. *hemicrania*

meis'tersänger *n.* (מאיס'-טער-סענג-ער) ז. *mastersinger*

meis'tersinger *n.* (מאיס'-טער-סינג-ער) ז. *mastersinger*

meizoseis'mal *a. and n.* (מאי-זא-סאיס'-מעל) וואס איז שייך צו דער שטארקסטער קראפט פון אן ערד-שטויס בעת אן ערד-ציטערניש; א ליניע וואס פעראייניגט די געאגראפישע פונקטען, וואו אן ערד-ציטערניש האט זיך געפיהלט אם שטארקסטען.

me ju'dice (מי דזשוה'-די-סי) לויט מיין מיינונג; ווערליג מיין פערשטאנד.

melancho'lia *n.* (מעל-ען-קאו'-לי-א) מעלאנכאליע, מרה-שחורה; א גייסטיגע קראנקהייט, ביי וועלכער דער קראנקער פיהלט זיך אויף דעם העכסטען אופן בעטריבט, דערשלאגען און אהן שום מוטה.

melancho'liac *n.* (מעל-ען-קאו'-לי-עק) א מעלאנכאליקער, איינער וואס ליידט פון מעלאנכאליע.

melancho'lian *a. and n.* (מעל-ען-קאו'-לי-ען) מעלאנכאליש; א מעלאנכאליקער.

melanchol'ic *a. and n.* (מעל-ען-קאל'-איק) מעלאנכאליש, שווער-מוטיג, מרה-שחורה'דיג, אומעדיג; א מעלאנכאליקער; איינער וואס ליידט פון מעלאנכאליע.

melanchol'ically *adv.* (מעל-ען-קאל'-אי-קעל-אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה-שחורה'דיגען אופן.

mel'ancholiness *n.* (מעל'-ען-קאל-אי-נעס) דאס זיין מעלאנכאליש אדער מרה-שחורה'דיג.

melancho'lious *a.* (מעל-ען-קאו'-לי-אס) מעלאנכאליש, מרה-שחורה'דיג; בעטריבט; שווערמוטיג.

mel'ancholy *n. and a.* (מעל'-ען-קאל-אי) מעלאנכאליע, מרה-שחורה; אומעדיגקייט; שווערמוטה; וואס איז שייך צו מעלאנכאליע; מעלאנכאליש; בעטריבט; אומעדיג; טרויעריג.

mel'ancoly *n. and a.* (מעל'-ען-קאל-אי) ז. *melancholy*

mélange' *n.* (מיי-לאנזש') א געמיש.

mel'anism *n.* (מעל'-ע-ניזם) מעלאניזם, אן אוננארמאלע ענטוויקלונג פון שווארצען פארב-שטאף אין דער פעל אדער הויט פון חיות און אין די פעדערען פון פויגלען.

melanis'tic *a.* (מעל-ע-נים'-טיק) וואס האט מעלאניזם; מיט א צו-שווארצען קאליר פון דער הויט אדער פון די פעדערען. ז. *melanism*

mel'anite *n.* (מעל'-ע-נאיט) דער מעלאניט, אדער שווארצער גראנאט [א מין מינעראל].

melanit'ic *a.* (מעל-ע-ניט'-איק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א מעלאניט אדער שווארצער גראנאט. ז. *melanite*

mel'anoid *a.* (מעל'-ע-נאיד) וואס זעהט אויס שווארץ אדער טונקעל.

melano'sis *n.* (מעל-ע-נאו'-סים) מעלאנאזע [א קרענקליכער צושטאנד ווען אין געוויסע טיילען פון קערפער קלייבט זיך אן צופיעל שווארצע פארב-שטאף].

melanot'ic *a.* (מעל-ע-נאט'-איק) וואס ליידט פון מעלאנאזע. ז. *melanosis*

mêlée' *n.* (מיי-ליי') א מאסען-געשלעג, א געשלעג, אין וועלכען עס נעהמען אנטייל פיעל פערזאנען.

mel'ic *a.* (מעל'-איק) וואס איז פערפאסט צום זינגען; וואס דארף געזונגען ווערען [ווענען געוויסער פאעזיע].

mel'ic-grass *n.* (מעל'-איק-גרעס) פערל-גראז [אזא מין גראז].

Melic-grass

mel'ilot *n.* (מעל'-אי-לאט) די האניג-קלעע [א גרויגעלבעס גראז מיט געלבע בליטהען. דאס גראז און די בליטהען האבען א האניג-זאפט און ציהען צו זיך צו ביענען].

me'linite *n.* (מיי'-לין-איט) מעליניט [א געוויסער שטארקער אויפרייסענדער שטאף].

me'liorate *v.* (מי'-ליא-רייט) פערבעסערען; זיך פערבעסערען; ווערען אויסגעבעסערט.

meliora'tion *n.* (מי-ליא-ריי'-שאן) די פערבעסערונג; דאס פערבעסערען זיך.

me'liorator *n.* (מי'-ליא-ריי-טאר) דער פערבעסערער.

me'liorism *n.* (מי'-ליא-ריזם) מעליאריזם, די לעהרע, אז די וועלט איז נים די בעסטע און נים די ערגסטע און זי קען ווערען בעסער, ווען מען זאל אנווענדען געוויסע פראקטישע מיטלען [מעליאריזם פערנעהמט א מיטעל-פלאץ צווישען אפטימיזם און פעסימיזם].

me'liorist *n. and a.* (מי'-ליא-ריסט) א מעליאריסט, אן אנהענגער פון מעליאריזם; וואס איז שייך צו מעליאריזם. ז. *meliorism*

melioris'tic *a.* (מי-ליא-רים'-טיק) וואס איז שייך צו מעליאריזם. ז. *meliorism*

melior'ity *n.* (מי-ליאר'-אי-טי) בעסערקייט; דאס זיין בעסער.

Melis'sa *n.* (מי-לים'-א) די מעליסא אדער ציטראן-מעטע [א מין ארעמאטישע גראזען מיט ווייסע בליטען. וואקסען אין דרום-אייראפא און ווערען געברויכט אלס פאטראווע צום עסען. מיט זיי רייבט מען אויך אן די ווענטלעך פון א ביענשטאק כדי צוצוציהען די ביענען].

mel'ley *n.* (מעל'-אי) א מאסען-געשלעג, א געשלעג, אין וועלכען עס נעהמען אנטייל פיעל פערזאנען; א טורניר אדער וועט-קאמפף, אין וועלכען עס נעהמען אנטייל מעהר ווי צוויי פערזאנען.

mel'lic *a.* (מעל'-איק) האניגדיג; וואס איז שייך צו האניג.

mellif'erous *a.* (מע-ליפ'-ע-ראס) וואס גיט האניג [ווי א פלאנצע]; וואס מאכט האניג [ווי א ביען].

mellif'ic *a.* (מע-ליפ'-איק) וואס מאכט אדער פראדוצירט האניג.

mellifica'tion *n.* (מעל-אי-פי-קיי'-שאן) דאס מאכען האניג.

mellif'luence *n.* (מע-ליפ'-לו-ענס) אַן
אויסגוס אָדער שטראָם פון זיסע טענער;
זיסקייט, האַרציגקייט [װעגען אַ מעלאָ=
דיע, אַ געדיכט א. ד. ג.].

mellif'luent *a.* (מע-ליפ'-לו-ענט) האָ=
ניג=זיס, אַנגענעהם; װאָס קלינגט שעהן;
װאָס איז זיס װי האָניג [װעגען אַ שטי=
מע, אַ מעלאָדיע א. ד. ג.].

mellif'luently *adv.* (מע-ליפ'-לו-ענט-
לי) מיט אַ זיס=קלינגענדער שטימע.

mellif'luous *a.* (מע-ליפ'-לו-אַס) טרי=
פענד װי האָניג, זיס, האַרציג [װעגען אַ
שטימע, מעלאָדיע א. ד. ג.].

mellif'luously *a.* (מע-ליפ'-לו-אַס-לי)
ז. ***mellifluently***.

melli'go *n.* (מע-לאַי'-גאָו) האָניג=טהוי.
ז. ***honeydew***.

mellil'oquent *a.* (מע-ליל'-אַ-קהוענט)
װאָס רעדט זיס און אַנגענעהם.

mellisu'gent *a.* (מעל-אי-סיו'-דזשענט)
װאָס זויגט האָניג; האָניג=זויגענד [װעגען
געװיסע פויגלען און אינזעקטען].

mel'lit *n.* (מעל'-איט) קרעציגקייט אויף'ן
פוס פון אַ פערד, װעלכע מען הײלט מיט
אַ זאַלב פון האָניג און עסיג.

mel'litate *n.* (מעל'-אי-טײט) אַ כעמי=
שע זאַלץ װאָס בעקומט זיך פון מעליט=
זויערע. ז. ***mellitic acid***.

mel'lite *n.* (מעל'-איט) דער מעליט אָדער
האָניג=שטײן [אַ זעלטענער מינעראַל װאָס
האָט אַ געלבען האָניג=קאָליר].

mellit'ic *a.* (מע-ליט'-איק) װאָס איז
שײך צו אָדער װאָס האָט זיך בעקומען פון
מעליט אָדער האָניג=שטײן. ז. ***mellite***.

mellit'ic ac'id (מע-ליט'-איק עס'-איד)
מעליט=זויערע [אַ ביטערער כעמישער
שטאָף װאָס בעקומט זיך פון מעליט אָדער
האָניג=שטײן. ער לאָזט זיך לײכט פאַנאַנ=
דער אין װאַסער אָדער אַלקאָהאָל און קריס=
טאַליזירט זיך אין דער פאָרם פון דינע
נאָדלען].

melli'tous *a.* (מע-לאַי'-טאַס) געמישט
מיט האָניג.

melliv'orous *a.* (מע-ליװ'-אַ-ראַס)
װאָס עסט האָניג; װאָס ערנעהרט זיך מיט
האָניג [װעגען געװיסע אינזעקטען].

mel'lone *n.* (מעל'-אָון) אַ מין געלבער
פולװער, װאָס בעקומט זיך דורך אַ כע=
מישער פערבינדונג פון קויהלען=שטאָף מיט
שטיק=שטאָף [קאַרבאָן און אַזאָט].

mel'low *a. and v.* (מעל'-אָו) װײך, צײ=
טיג, רײף [װעגען פרוכטען]; װײך, לײ=
מיג [װי װײכע ערד]; װײך, זאַנפט,
זיס=קלינגענד [פאַר'ן געהער]; געשמאַק,
אַנגענעהם, מיט אַ זיסען טעם; ליעבליך,
צאַרט, אַנגענעהם [פאַר'ן אויג]; װאָס
האָט דעם אויסזעהן פון אַ רײפער, צײטי=
גער זאַך; פערפאַלקאָמט; אין פולען לע=
בען; מונטער; גוט=געשטימט; בגלופין;
אין אַ פרעהליכער שטימונג, שכור'ליך;
װײך אָדער רײף מאַכען; צײטיג װערען;
מאַכען אָדער װערען פאַלקאָם, ליעבליך,
אַנגענעהם, זאַנפט אָדער געשמאַק.

mel'lowly *adv.* (מעל'-אָ-לי) װײכליך,
צײטיג; אויף אַ זיסען, זאַנפטען אָדער
אַנגענעהמען שטײגער; בערוישט, בעטרונ=
קען.

mel'lowness *n.* (מעל'-אָ-נעס) װײכ=
קײט; צײטיגקײט; רײפקײט; צאַרטקײט;
זאַנפטקײט; אַנגענעהמקײט.

mel'lowy *a.* (מעל'-אָ-אי) װײך, צײטיג;
זאַנפט, צאַרט, אַנגענעהם; בערוישט, בע=
טרונקען.

Melocac'tus *n.* (מעל-אָ-קעק'-טאַס)
דער רונדער קאַק=
טוס [אַן אַמערי=
קאַנער פלאַנצע מיט
אַ ברײטען, רונ=
דען, קוגעלפערמיגען
שטאַם און מיט
אײניגע ברײטע און
רונדע קעפּ, פול
מיט בלומען און
בליטהען, װעלכע
האַלטען זיך אויף
צילינדער=פערמיגע
שטענגלעך].

Melocactus

mel'ocoton *n.* (מעל'-אָ-קאָט-אָן) דער
קװיט=בוים [אַן אָריענטאַלישער בוים מיט
עסבאַרע געלבע פרוכטען, װעלכע זײנען
עהנליך צו באַרנעס]; די פרוכט פון דעם
קװיט=בוים; אַ מין גרויסער פערסיק [אַן
אָריענטאַלישע פרוכט מיט אַ דיקער װײ=
כער פעל און מיט אַ גרויסען בײנדעל װי
פון אַ פלוים].

mel'ocotoon *n.* (מעל'-אָ-קאָ-טוהן)
ז. ***melocoton***.

melo'deon *n.* (מע-לאָו'-די-אָן) אַ מע=
לאָדיאָן [אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט,
װאָס בעשטעהט פון אַ קלײן קעסטעל מיט
אַ זיך דרעהענדען מעטאַלענעם װאַליק און
אַ צײהניגער מעטאַלענער פּלאַטע. דער
װאַליק איז אַנגעזעצט מיט קלײנע שטיפ=
טעלעך, און בעת ער דרעהט זיך, בעריה=
רען די שטיפטעלעך פון װאַליק די צײהנ=
דלעך פון דער פּלאַטע. יעדע אַזעלכע בע=
ריהרונג פּראָדוצירט אַ מוזיקאַלישען טאָן
אָדער קלאַנג].

melod'ic *a.* (מע-לאָד'-איק) מעלאָדיש;
װאָס איז שײך צו מעלאָדיע.

melod'ically *adv.* (מע-לאָד'-אי-קעל-
אי) מעלאָדיש; מיט אַ ניגון.

melod'ico *a.* (מע-לאָד'-אי-קאָו) אין
מוזיק — מעלאָדיש, װײך [װעגען אַ צײ=
כען אָדער אַנװײזונג אין די נאָטען װי
אַזוי אַ געװיסע מוזיקאַלישע שטיק דאַרף
געשפּיעלט װערען].

melod'icon *n.* (מע-לאָד'-אי-קאָן) אַ
מעלאָדיקאָן, אַ מין אַלטפרענקישער פּאָר=
טעפּיאַן, אין װעלכען אַנשטאָט דראָטענע
סטרונעס זײנען געװען שטאָהלענע פּלאַטען
אָדער ריטלעך.

melod'ics *n.* (מע-לאָד'-איקס) מעלאָדי=
קע, דער טײל פון מוזיקאַלישער װיסענ=
שאַפט, װעלכער בעהאַנדעלט די פראַגע
װעגען מעלאָדיע.

melo'diograph *n.* (מע-לאָו'-די-אַ-
גרעף) ז. ***melograph***.

melo'dion *n.* (מע-לאָו'-די-אָן) אַ מעלאָ=
דיאָן, אַן אַלטפרענקישער מוזיקאַלישער
אינסטרומענט מיט אַ קלאַװיאַטור, װעל=
כער פלעגט שפּיעלען דורך אַ סעריע שטאָה=
לענע פּלאַטען, װאָס פלעגען בעריהרט װע=
רען דורך אַ זיך=דרעהענדען צילינדער.

melo'dious *a.* (מע-לאָו'-די-אַס) מע=
לאָדיש, מוזיקאַליש, שעהן=קלינגענד; װאָס
פּראָדוצירט מעלאָדישע טענער.

melo'diously *adv.* (מע-לאָו'-די-אַס-
לי) אויף אַ מעלאָדישען אָדער שעהן=קלינ=
גענדען אופן.

melo'diousness *n.* (מע-לאָו'-די-אַס-
נעס) דאָס זײן מעלאָדיש.

mel'odise *n.* (מעל'-אָ-דאַיז)
ז. ***melodize***.

mel'odist *n.* (מעל'-אָ דיסט) אײנער
[...]אַס פערפאַסט אָדער זינגט מעלאָדיען;
[...] זאַמלונג פון מעלאָדיען.

melo'dium *n.* ([...]מע-לאָו'-די-אַם)
ז. ***melodeon***.

mel'odize *v.* (מעל'-אָ-דאַיז) [...]אַכען מע=
[...]אָדיש; פערפאַסען אָדער זינגען מעלאָ=
[...]יען.

melodra'ma *n.* (מעל-אָ-דראַ'-מאַ) [...]
[...]עלאָדראַמאַ, אַ דראַמאַ מיט אַ ראָמאַנטי=
[...]ען אינהאַלט, װאָן די סצענען און ביל=
[...]ער זײנען שטאַרק איבערטריבען און אונ=
[...]אַטירליך און בעצװעקען צו ריהרען
[...]טאַרק די געפיהלען פון די צושויער; אַ
[...]וזיקאַלישע דראַמאַ.

melodramat'ic *a.* ([...]מעל-אָ-דרע-מעט'-
[...]יק) מעלאָדראַמאַטיש, װאָס איז שײך צו
[...]עלאָדראַמאַ. ז. ***melodrama***.

melodramat'ical *a.* ([...]מעל-אָ-דרע-
[...]עט'-אי-קעל) ז. ***melodramatic***.

melodramat'ically *adv.* ([...]מעל-אָ-
[...]רע-מעט'-אי-קעל-אי) אויף אַ מעלאָדראַ=
[...]אַטישען שטײגער; מיט אַן איבערטרי=
[...]ענער, אונזנאַטירליכער אַרט רעדען אָדער
[...]אַנדלונג.

melodram'atist *n.* ([...]מעל-אָ-דרעמ'-ע-
[...]יסט) אײנער װאָס שרײבט מעלאָדראַ=
[...]ען. ז. ***melodrama***.

mel'odrame *n.* ([...]מעל'-אָ-דרעם)
ז. ***melodrama***.

mel'ody *n.* (מעל'-אָ-די) [...] מעלאָדיע,
[...] זיסער ניגון.

mel'ograph *n.* (מעל'-אָ-גרעף) מע=[...]
[...]אַגראַף, אַן עלעקטרישער אַפּאַראַט, דורך
[...]עלכען עס װערט פערצײכענט אויף אַ
[...]אַנגען פּאַפּיער יעדער טאָן און יעדער
[...]ינטערװאַל פון אַ שטיק, װאָס װערט גע=
[...]פּיעלט אויף דער פּיאַנאָ. דיעזע פער=
[...]ײכנונגען װערען דערנאָך אויסגעשניטען
[...]ון מיט דער הילף פון דיעזען פּאַפּיער
[...]ען מען דאָס שטיק װידער איבערשפּיע=
[...]ען אויף אַ פּיאַנאָלאַ.

mel'omane *n.* (מעל'-אָ-מײן) מע=[...]
[...]אַמאַן, אײנער װאָס האָט אַ לײדענשאַפט=
[...]יכע ליעבע צו מוזיק.

meloma'nia *n.* ([...]מעל-אָ-מײ'-ני-אַ)
[...]עלאָמאַניע, אַ לײדענשאַפטליכע ליעבע
[...]ו מוזיק.

meloma'niac *n.* ([...]מעל-אָ-מײ'-ני-עק)
ז. ***melomane***.

mel'omany *n.* ([...]מעל'-אָ-מײ-ני)
ז. ***melomania***.

mel'on *n.* (מעל'-אָן) [...] מעלאָן; אַ װאַ=
[...]ער=מעלאָן, אַ קאַװאָן; אַ געװיסער טײל
[...]ון קאָפּ בײ אײניגע פיש, פון װעלכען
[...]ען ציהט אַרויס טראָן.

mel'on-bed *n.* (מעל'-אַנ-בעד) [...] בײט
[...]ערזײהט מיט קאַװאָנעס.

mel'on-blub'ber *n.* ([...]מעל'-אַנ-בלאַב'-
[...]ר) דער טראָן אָדער פעטקײט פון אַ װאַל=
[...]יש.

mel'on-cac'tus *n.* ([...]מעל'-אַנ-קעק'-
[...]אַס) ז. ***Melocactus***.

mel'on-ground *n.* ([...]מעל'-אַנ-גראַונד)
[...]אַנד פערזײהט מיט קאַװאָנעס.

mel'oniform *a.* ([...]מעל'-אַנ-אי-פאָרם)
[...]אַס האָט די פאָרם פון אַ מעלאָן אָדער
[...]אַװאָן.

mel'on-oil *n.* (מעל'-אַנ-אײל) [...]יש=טראָן.
ז. ***melon***.

mel'on-pit *n.* ([...]מעל'-אַנ-פּיט)
ז. ***melon-bed***.

mel'on-shaped *a.* ([...]מעל'-אַנ-שײפּט)
[...]עלאָנענפערמיג, עהנליך אין פאָרם צו אַ
[...]אַװאָן.

mel'on-this'tle *n.* (מעל'-אנ-טהיסל) דער קאוואן=קאקטוס [אזא מין קיילעכדיגער קאקטוס]. ז. *Cactaceæ*

mel'on-tree *n.* (מעל'-אנ-טריע) דער פאפאיא=בוים. ז. *papaw*

mel'ophone *n.* (מעל'-א-פאון) א מעלאפאן, א מין קאנצערטינא. ז. *concertina*

melophon'ic *a.* (מעל-א-פאנ'-איק) מוזיקאליש; וואס איז שייך צו מוזיק אדער מוזיק=שפיעל.

mel'ophonist *n.* (מעל'-א-פאו-ניסט) א מעלאדיען=זינגער.

mel'oplast *n.* (מעל'-א-פלעסט) א סיסטעם צו לערנען מוזיק פאר אנפאנגער [וואו די שווערערע און מעהר קאמפליצירטע נאטען זיינען ארויסגעלאזען].

mel'oplasty *n.* (מעל' א-פלעס-טי) אין כירורגיע — דאס צונעהען אנדער פלייש צו א באק [פון וועלכער דאס פלייש איז ארונטערגעריסען געווארען].

melopœ'ia *n.* (מעל-א-פיע'-יא) ז. *melodics*

Melpom'ene *n.* (מעל-פאמ'-ע-ניע) מעלפאמענע [אין דער גריכישער מיטאלאגיע — די מוזע פון געזאנג און מוזיקאלישער הארמאניע און פון דער טראגעדיע]; דער נאמען פון א געוויסען פלאנעטאיד אדער אסטעראיד [קליינע פלאנעטען וואס געפינען זיך צווישען די קרייזוועגען פון די פלאנעטען מארס און יופיטער].

Melpomene

mel'rose *n.* (מעל'-ראוז) רויזען=האניג [א געמיש פון האניג, רויזענבלומען=שטויב און אלקאהאל].

melt *v. and n.* (מעלט) 1. שמעלצען; פאנאנדערלאזען; צונויפשמעלצען; זיך שמעלצען, זיך צונויפשמעלצען, זיך פאנאנדערלאזען; 2. מאכען ווייך, צארט אדער עמפפינדליך; ווערען ווייך, צארט אדער עמפפינדליך; 3. זיך צוזאמענשמעלצען, אונבעמערקט איבערגעהן אין אן אנדער צושטאנד; 4. שוואך ווערען; 5. אונטערגעהן, פערשווינדען; 6. שמעלצונג; דאס רינען פון צושמאלצענעם מעטאל; דער מעטאל אין א שמעלץ=טאפ אדער שמעלץ=אויווען.

1. The snow **melted**. 2. We **melted** under his oratory. 3. The twilight **melted** into morn. 4. Their hearts **melted** from fear.

mel'table *a.* (מעל'-טעבל) שמעלצבאר, וואס מען קען שמעלצען.

melt away' (מעלט ע-הוויי') פערשווינדען.

All the inhabitants of Canaan shall **melt away**.

melt down (מעלט דאון) איינפאלען אין געוויכט ביים שמעלצען.

mel'ter *n.* (מעל'-טער) א שמעלצער; א רעגירונגס=בעאמטער וואס גיט אכטונג אויף'ן שמעלצען פון גאלד און זילבער פאר מטבעות; א טיגעל, א שמעלץ=טאפ, א שמעלץ=אויווען.

mel'ting *a.* (מעל'-טינג) שמעלצענד, זיך שמעלצענד; ווייך מאכענד, ריהרענד; ווייך, וואס ווערט לייכט גערירהרט.

mel'ting clouds (מעל'-טינג קלאודז) פערשווינדענדע וואלקענס.

mel'ting col'or (מעל'-טינג קאל'-אר) די פערשמעלצונג אדער צוזאמענגיסונג פון פארבען [אונבעמערקבארער איבערגאנג פון איין פארב אין א צווייטער].

mel'ting-fur'nace *n.* (מעל'-טינג-פויר'-נעס) א שמעלץ=אויווען [אין גלאז=פאבריקען].

mel'ting la'dle (מעל'-טינג לײדל) אזא מין לעפעל אדער לעפעל=ענליכע כלי צו שעפען צושמאלצענעם מעטאל.

mel'tingly *adv.* (מעל'-טינג-לי) דורך שמעלצונג; אויף א ריהרענדען אופן.

mel'ting-pan *n.* (מעל'-טינג-פען) א פלאץ אין א צוקער=פאבריק, וואו מען קאכט אויס דעם צוקער=סיראפ.

mel'ting-point *n.* (מעל'-טינג-פאינט) דער שמעלץ=פונקט [דער היץ=פונקט, וואו א סאלידער קערפער, ווי אייז אדער מעטאל פאנגט אן צו שמעלצען].

mel'ting-pot *n.* (מעל'-טינג-פאט) 1. א טיגעל, א שמעלץ=טאפ; 2. א פלאץ, אין וועלכען עס ווערען צוזאמענגעשמאלצען פערשידענע ראסען, פעלקער א. ז. וו.

2. America is the **melting-pot** of Europe.

melt in'to tears (מעלט אינ'-טו טיערז) גערירהרט ווערען ביז טרעהרען, זיך בעגיסען מיט טרעהרען.

mel'ton *n.* (מעל'-טאן) א שווערער וואלענער שטאף [מעהרסטענס געברויכט פאר אויבערמאנטלען].

mem'ber *n.* (מעמ'-בער) א קערפערגליעד, אן אבר [הויפטזעכליך די הענד, די פיס, די פליגעל און די געשלעכטס=גליעדער]; א מיטגליעד; א בעזונדערער טייל פון עפעס; א טייל פון אן אלגעבראאישער גלייכונג.

mem'ber at large (מעמ'-בער עט לארדזש) א מיטגליעד וואס בעלאנגט דירעקט צו א קערפערשאפט [ניט צו א צווייג פון דער קערפערשאפט].

mem'bered *a.* (מעמ'-בערד) גליעדערדיג; מיט גליעדער, וואס האט גליעדער.

mem'berless *a.* (מעמ'-בער-לעס) אהן גליעדער, אהן בעזונדערע טיילען, אונטיילבאר, ניט קאמפליצירט.

Mem'ber of Con'gress (מעמ'-בער אוו קאנ'-גרעס) א קאנגרעס=מיטגליעד [א מיטגליעד פון דעם קאנגרעס אדער פארלאמענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

mem'bership *n.* (מעמ'-בער-שיפ) מיטגליעדערשאפט.

mem'bra *n.* (מעמ'-ברא) ענד=גליעדער אדער זייטען=גליעדער [ווי פליגעל, הענד, פיס]. ז. *membrum*

mem'bral *a.* (מעמ'-ברעל) וואס איז שייך צו אזעלכע קערפער=טיילען ווי הענד, פיס, פליגעל [אין געגענזאץ צו די טיילען וואס בעלאנגען צום רומפ אדער דעם קערפער=טייל צווישען די הענד און די פיס].

membrana'ceous *a.* (מעמ-ברע-ניי'-שיאס) וואס האט א הייטעל; ענליך צו א הייטעל.

mem'brane *n.* (מעמ'-בריין) א פלעוועכע, א דינ הייטעל; א פעל געברויכט צום שרייבען אויף איהר [ווי פארמעט].

membra'neous *a.* (מעמ-בריי'-ני-אס) ז. *membranous*

membranif'erous *a.* (מעמ-ברע-ניפ'-ע-ראס) וואס האט א הייטעל; וואס פראדוצירט הייטלעך.

membra'niform *a.* (מעמ-בריי'-ני-פארם) הויטפערמיג, ווי א הייטעל.

membrano'sus *n.* (מעמ-בריי-נאו'-סאס) א מוסקול פון די לענדען אדער היפטען.

mem'branous *a.* (מעמ'-בריי-נאס) וואס בעשטעהט פון הייטלעך; הייטעלעהנליך.

mem'brum *n.* (מעמ'-בראם) אן ענדגליעד, א זייט=גליעד [ווי א האנד, פוס, פליגעל].

memen'to *n.* (מי-מענ'-טאו) דערמאהנונג, ערינערונג; ערינערונגס=צייכען; אנדענקונגס=צייכען.

memen'to mo'ri (מי-מענ'-טאו מאו'-רי) ערינערונג אן טויט, דערמאהנונג אן טויט; א ציערונג מיט אן עמבלעם פון טויט.

memo. אבקירצונג פון *memorandum*

mem'oir *n.* (מעמ'-אואר) א מעמואר, א שריפט מיט פאקטען פון אייגענער פארשונג אדער ערפאהרונג; א קורצע אבהאנדלונג איבער א געגענשטאנד, א קורצע מיטטיילונג [ווי למשל, צו א וויסענשאפטס=געזעלשאפט] וועגען פאקטען פון אייגענער פארשונג אדער ערפאהרונג; א ביאגראפיע [לעבענס=בעשרייבונג]; א בוך מיט פאקטען און ערינערונגען וועגען א פערשטארבענעם.

mem'oirism *n.* (מעמ'-אואר-איזם) מעמואר=שרייבערײ. ז. *memoirs*

mem'oirist *n.* (מעמ'-אואר-איסט) א מעמואר=שרייבער, א ביאגראף. ז. *memoirs*

mem'oirs *n.* (מעמ'-אוארז) מעמוארען, ערינערונגס=שריפטען [ביאגראפישע אדער ביאגראפיש=היסטארישע].

memorabil'ia *n.* (מעמ-א-רע-ביל'-אי-א) געדענקווירדיגקייטען [זאכען וואס זיינען ווערטה צו געדענקען], מערקווירדיגקייטען; זאכען וואס דיענען אלס ערינערונגס=צייכען, וואס דערמאהנען אן עפעס; אנדענקונגס=זאכען.

memorabil'ity *n.* (מעמ-א-רע-ביל'-אי-טי) ז. *memorableness*

mem'orable *a.* (מעמ'-א-רעבל) געדענקסווירדיג, מערקווירדיג.

mem'orableness *n.* (מעמ'-א-רעבל-נעס) געדענקווירדיגקייט, מערקווירדיגקייט.

mem'orably *adv.* (מעמ'-א-רע-בלי) אויף א געדענקווירדיגען אופן, אזוי אז מען קען עס ניט פערגעסען.

memoran'dum *n.* (מעמ-א-רענ'-דאם) א מעמאראנדום, א נאטיץ אדער א פערצייכניס [צום געדענקען]; אין יוריספרודענץ — א פערצייכניס פון די בעדינגונגען פון א געזעצליכען אבמאך; א דיפלאמאטישער בעריכט.

memoran'dum-book *n.* (מעמ-א-רענ'-דאם בוק) א נאטיץ=בוך.

memoran'dum check (מעמ-א-רענ'-דאם-טשעק) א טשעק וואס דיענט אלס וועקסעל און מען קען אויף איהם ניט פאדערען קיין געלד אין א באנק, סיידען דער חוב ווערט ניט אבגעצאהלט אין א פארויס בעשטימטען טאג [אויף אזא טשעק שטעלט מען אוועק דאס ווארט *memo.* וואס איז אן אבקירצונג פון *memorandum*].

memoran'dum sale (מעמ-א-רענ'-דאם סייל) דאס שיקען סחורה צו איינעם אויף אזעלכע בעדינגונגען, אז די סחורה רעכענט זיך פאר'ן פערקויפער'ס אייגענטום אזוי לאנג ווי פאר איהר איז ניט אבגעצאהלט.

The goods were not sold to them. They were only sent as a **memorandum sale**.

mem'orate *v.* (מעמ'-א-רייט) פערצייכנען, נאטירען [צום געדענקען].

mem'orative *a.* (מעמ'-א-ריי-טיוו) וואס איז שייך צום זכרון; וואס פרישט אב דעם זכרון, וואס העלפט זיך צו דערמאהנען.

mem'orative pow'er (מעמ'-א-ריי-טיוו פאו'-ער) ערינערונגס-קראפט, כח הזכרון.

memo'ria *n.* (מי-מאו'-רי-א) אן ארון אדער א כלי וואו מען האלט די ביינער פון קריסטליכע הייליגע; א קלויסטער געבויט צום אנדענקען פון א קריסטליכען הייליגען.

memo'rial *a. and n.* (מי-מאו'-רי-על) וואס דיענט אלס ערינערונגס-צייכען, וואס העלפט זיך צו דערמאהנען, וואס דיענט צום אנדענקען; אן אנדענקען, אן אנדענקונגס-צייכען, אן אנדענקונגס-מתנה; א מעמאריאל, א קצור פון א געזעצליכען אבמאך; א קורצע בעשרייבונג פון פאקטען, וועלכע דיענען אלס גרונט פאר א ביטשריפט אדער פעטיציע; א דיפלאמאטישער דאקומענט.

Memo'rial day (מי-מאו'-רי-על דיי) דער אנדענקונגס-טאג אדער דעקאראציאנס-טאג. ז. *Decoration day*

memo'rial day (מי-מאו'-רי-על דיי) א יאהר-צייט, אן ערינערונגס-טאג.

memo'rialise *v.* (מי-מאו'-רי-על-איז) ז. *memorialize*

memo'rialist *n.* (מי-מאו'-רי-על-איסט) א שרייבער פון מעמאריאלען אדער ביטשריפטען. ז. *memorial*

memo'rialize *v.* (מי-מאו'-רי-על-איז) פערצייכנען [צום געדענקען אדער אנדענקען]; דערלאנגען א מעמאריאל אדער ביטשריפט. ז. *memorial*

The committee **memorialized** Congress not to restrict immigration.

memo'rial stone (מי-מאו'-רי-על סטאון) אן אנדענקונגס-שטיין אין א וואנד [צום אנדענקען פון א פערזאן אדער פאסירונג].

memo'rial-stone *n.* (מי-מאו'-רי-על-סטאון) א ווינקעל-שטיין [וואס אין זיין אויסהוילונג בעהאלט מען היסטארישע דאקומענטען].

memo'rial tab'let (מי-מאו'-רי-על טעב'-לעט) אן אנדענקונגס-פלאטע [אין א וואנד, צום אנדענקען פון א פערזאן אדער פאסירונג].

memo'ria tech'nica (מי-מאו'-ריא טעק'-ני-קא) מעכאנישער זכרון, קינסטליכער זכרון, מנעמאניק. ז. *mnemonics*

memo'rious *a.* (מי-מאו'-רי-אס) וואס האט פיעל ערינערונגען; וואס איז ווערטה צו געדענקען, געדענקווירדיג.

memor'iter *adv.* (מי-מאר'-אי-טער) פון זכרון, אויף אויסווענינ.

memor'iter meth'od (מי-מאר'-אי-טער מעטה'-אד) די מעטאדע מעכאניש איינצולערנען אויף אויסווענינ.

Some facts can only be learned by the **memoriter** method.

mem'orizable *a.* (מעמ'-א-ראי-זעבל) וואס מען קען בעהאלטען אין זכרון, וואס מען קען געדענקען אדער איינלערנען אויף אויסווענינ; וואס מען קען פעראייביגען [אין געדעכנים].

memoriza'tion *n.* (מעמ-א-רי-זיי'-שאן) איינלערנונג אויף אויסווענינ.

mem'orize *v.* (מעמ'-א-ראיז) פערצייכנען אדער פערשרייבען [צו געדענקען אדער צום אנדענקען]; פעראייביגען [אין געדעכנים]; געדענקען; אויסלערנען אויף אויסווענינ.

mem'orizer *n.* (מעמ'-א-ראי-זער) איינער וואס קלאפט זיך אריין אין קאפ; איינער וואס לערענט אויף אויסווענינ.

mem'ory *n.* (מעמ'-א-רי) זכרון; געדעכנים; ערינערונג; אנדענקען.

men *n.* (מען) מענשען, לייט; מענער; מענשען-געשלעכט. ז. *man*

men'ace *v. and n.* (מענ'-אייס) דראהען, סטראשען; א דראהונג, א סטראשונאק.

Europe has always feared the **menace** of the Orient.

men'acement *n.* (מענ'-אייס-מענט) דראהונג.

men'acer *n.* (מענ'-אייס-ער) איינער וואס דראהעט אדער סטראשעט.

men'acingly *adv.* (מענ'-איי-סינג-לי) אויף א דראהענדען אופן; דראהענדיג.

me'nad *n.* (מי'-נעד) ז. *mænad*

menage' *n.* (מע-נאזש') הויז-בעל-הבת'ישקייט; פיהרונג פון הויז-בעל-הבת'ישקייט.

menage' *n.* (מע-נעדזש') א מין אונטער-האלטונגס-קלוב [פון ענגלישע און שאטלענדישע ארבייטער].

menag'erie *n.* (מע-נעדזש'-ע-רי) א מענאזשעריע, אן ארט וואו ווילדע חיות ווערען געהאלטען; א קאלעקציאן פון ווילדע חיות.

menag'erist *n.* (מע-נעדזש'-ע-ריסט) אן אייגענטימער פון א מענאזשעריע. ז. *menagerie*

men'agogue *n.* (מענ'-ע-גאג) א מעדיצין אדער רפואה וואס רופט ארויס מענסטרואציע [דאס מאנאטליכע ביי פרויען].

mend *v. and n.* (מענד) פערריכטען, צורעכט מאכען, אויסבעסערען; פערבעסערען, בעסערען; זיך בעסערען [אין געזונד אדער אין אויפפיהרונג]; בעסערונג.

men'dable *a.* (מענ'-דעבל) וואס קען פערבעסערט ווערען, צורעכט געמאכט ווערען אדער פערריכט ווערען.

menda'cious *a.* (מענ-דיי'-שאס) ליגנעריש, פאלש.

menda'ciously *adv.* (מענ-דיי'-שאס-לי) אויף א ליגנערישען אדער פאלשען אופן.

menda'ciousness *n.* (מענ-דיי'-שאס-נעס) ליגנעריי, כזבנות, דאס זיין א ליגען; דאס זאגען ליגען.

mendac'ity *n.* (מענ-דעס'-אי-טי) כזבנות, ליגנעריי, פאלשקייט; א ליגען.

mend a pen (מענד ע פען) פערשניצען א פעדער [א גענזענע].

men'der *n.* (מענ'-דער) א פערריכטער; א פערבעסערער.

mend fen'ces (מענד פענ'-סעז) פערריכטען די מערכה [וועגען א מיטגליעד פון אמעריקאנישען קאנגרעס, וועלכער כאפט זיך פון צייט צו צייט אראב אין זיין וואהל-בעצירק, אום צו פערזיכערען זיין ווידער-ערוועהלונג].

men'dicancy *n.* (מענ'-די-קענ-סי) בעטלעריי.

men'dicant *n. and a.* (מענ'-די-קענט) בעטלעריש, בעטלענדיג; א בעטלער, א בעטלערקע; א בעטלער-מאנאך. ז. *mendicant orders*

men'dicant fri'ar (מענ'-די-קענט פראי'-ער) א בעטלער-מאנאך. ז. *mendicant orders*

men'dicant or'ders (מענ'-די-קענט אר'-דערז) די מיטעלאלטערליכע קריסטליכע מאנאכען-ארדענס, וועלכע האבען אין אנפאנג געלעבט בלויז פון נדבות [די הויפט זיינען געווען: די פראנציסקאנער, דאמיניקאנער, אויגוסטינער און קארמעליטען].

mendic'ity *n.* (מען-דיס'-אי-טי) בעטלערשאפט, בעטלעריי.

men'ding *a. and n.* (מענ'-דינג) פערריכטענדיג, פערבעסערענד; זיך בעסערענד; פעדים צום פערצירעווען [פערשטאפען]; זאכען צום פערריכטען; פערבעסערונג, פערריכטונג, צורעכט-מאכונג; זאכען אדער חפצים, וועלכע מען דארף פערריכטען.

mend one's pace (מענד הוואנז פיים) פערשנעלערען דעם גאנג.

mend one's ways (מענד הוואנז הווייז) זיך פערבעסערען אין אויפפיהרונג, ווערען לייטישער.

men'-folks *n.* (מענ'-פאוקס) די מענער, די מאנסבילען.

On holidays the **men-folks** of our house stay home.

men'gite *n.* (מענ'-דזשאיט) מענגיט, א שווארצער מינעראל, וואס געפינט זיך אין דער פארם פון קליינע קריסטאלען אין די אילמענישע בערג [אין אוראל, רוסלאנד].

menha'den *n.* (מענ-היי'דן) אזא הערינג-עהנליכער פלאכער און ברייטער אמעריקאנער פיש.



Menhaden

men'hir *n.* (מענ'-היר) אזעלכע פאר-צייטיגע מצבה-שטיינער, וועלכע מען געפינט אין איינינע טיילען פון אייראפא, אפריקא און אזיע.

me'nial *a. and n.* (מי'-ני-על) וואס איז שייך צו א הויז-דיענער אדער הויז-דיענערשאפט; לאקייאיש, הכנעה'דיג, אונטערלעקעריש; א הויז-דיענער, א הויז-דיענסט, א לאקיי.

me'nial la'bor (מי'-ני-על ליי'-באר) גראבע ארבייט, גראבע הויז-ארבייט [ווי וואשען, רייניגען].

In our house the **menial labor** is done by a woman hired by the day.

me'nialty *n.* (מי'-ני-על-טי) דער גראבער המון.

men'ilite *n.* (מענ'-אי-לאיט) דער מענילים אדער לעבער-אפאל [אזא מין מינעראל פון א מאט-גרויליכען אדער בלויליכען קאליר].

menin'geal *n.* (מי-נינ'-דזשי-על) וואס איז שייך צו דער געהירן-הויט אדער צום אויבערשטען הייטעל פון'ם מארך.

menin'ges *n.* (מע-נינ'-דזשיז) די מארך-הייטלעך. ז. *meninx*

meningi'na *n.* (מענ-אינ-דזשאי'-נא) דער ווייכער טייל פון מארך.

meningini'tis *n.* (מי-נינ-דזשי-נאי'-טיס) מענינגיניטיס [ענטצינדונג פון דעם ווייכען מארך-טייל].

meningit'ic *a.* (מענ-אינ-דזשיט'-איק) וואס איז שייך צו מענינגיטיס [ענטצינדונג פון דעם מארך-הייטעל].

meningi'tis *n.* (מענ-אינ-דזשאי'-טיס) מענינגיטיס [ענטצינדונג פון דעם מארך-הייטעל].

me'ninx *n.* (מי'-נינקס) א הייטעל; א מארך-הייטעל.

menis'cal *a.* (מי-ניס'-קעל) וואס איז שייך צו א מעניסקוס, וואס האט די פארם פון א מעניסקוס [א גלאז=לינזע וואס איז פון איין זייט קאנקאוו און פון דער אנדערער זייט קאנוועקס].

menis'ciform *a.* (מי ניס'-אי-פארם) עהנליך צו א מעניסקוס. ז. ***meniscus***

menis'cus *n.* (מי-ניס'-קאס) א פיערטעל=לבנה; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פיערטעל=לבנה; א מעניסקוס, א גלאז=לינזע וואס איז פון איין זייט קאנקאוו [אריינגעבויגען] און פון דער אנדערער זייט קאנוועקס [ארויסגעבויגען]; די קאנקאווע אדער קאנוועקסע פלעכע פון א פליסיגקייט ווען זי געפינט זיך אין א רעהרעל [דער מעניסקוס פון קוועק=זילבער איז קאנוועקס און פון וואסער—קאנקאוו].

Men'nonite *n.* (מענ'-אנ-איט) א מענאניט, איינער פון א קריסטליכער סעקטע אין אנפאנג פון 16טען יאהרהונדערט, וועלכע האט געפאדערט, אז דער מענש זאל געטויפט ווערען אין דער קירך ניט אלס א קינד, נאר אין די עלטערע יאהרען און מיט זיין פאלשטענדיגען איינגענעם דעה און ווילען. די מענאניטען האבען זיך געהאלטען אן זעהר שטרענגע פרינציפען פון מאראל און זיטליכקייט.

men'obranch *n.* (מענ'-א-ברענק) ז. ***menobranchus***

menobran'chus *n.* (מענ-א-ברענ'-קאס) א מין לאנג=עקיגע פיער=פיסיגע אמפיביע [א בעשעפעניש וואס לעבט אי אין וואסער, אי אויף דער יבשה], וואס געפינט זיך אין טייך מיסיסיפי, אין די גרויסע אמעריקאנישע אזיערעס [עריע, סופיריאר, הוראן, מישיגען און אנטאריא] און אין אנדערע אמעריקאנישע וואסערען.

menolip'sis *n.* (מענ-א-ליפ'-סיס) אן אונגארמאלע פערהאלטונג פון די רעגעלען אדער מאנאטליכע ביי פרויען.

menolo'gium *n.* (מענ-א-לאו'-דזשי-אם) ז. ***menology***

menol'ogy *n.* (מי-נאל'-א-דזשי) א קאלענדאר, א לוח; א לוח פון קריסטליכע ימים=טובים צום אנדענקען פון מארטירער.

men'opause *n.* (מענ'-א-פאהז) די ענדע פון מענסטרואציע אדער מאנאטליכע [ביי פרויען].

menopla'nia *n.* (מענ-א-פליי'-ני-א) א בלוט=פלוס אין דער צייט פון נידה ניט פון דער געבעהר=מוטער.

meno'rah *n.* (מע-נאו'-רא) א מנורה.

Menorah

menorrha'gia *n.* (מענ-א-ריי'-דזשי-א) מענסטרואציע אדער דאס מאנאטליכע; אין פאטאלאגיע — א צו=שטארקע מענסטרואציע [מאנאטליכער פלוס ביי פרויען].

menorrhag'ic *a.* (מענ-א-רעדזש'-איק) וואס ליידעט פון א צו=שטארקער מענסטרואציע אדער מאנאטליכע.

men'orrhagy *n.* (מענ'-א-רע-דזשי) ז. ***menorrhagia***

menorrhœ'a *n.* (מענ-א-רי'-א) אין פאטאלאגיע — א לאנג=דויערענדע מענסטרואציע אדער מאנאטליכע.

menos'tasis *n.* (מי-נאס'-טע-סיס) אין מעדיצין — די פערהאלטונג פון מענסטרואציע אדער מאנאטליכען בלוט=פלוס און די אנקלייבונג פון בלוט אין דער געבעהר=מוטער; א וועהטאג, וועלכען אייניגע פרויען ליידען אין אנפאנג פון מענסטרואציע.

menosta'tion *n.* (מענ-אס-טיי'-שאן) ז. ***menostasis***

men'sa *n.* (מענ'-סא) א טיש; עטוואס וואס איז עהנליך צו א טיש; דאס פלאכע קרוינדעל פון א באק=צאהן; דער אויבערשטער טייל פון אלטאר [אין א קלויסטער].

men'sal *a.* (מענ'-סעל) מאנאטליך; וואס איז שייך צו א טיש, וואס ווערט געטהאן ביי א טיש.

men'ses *n.* (מענ'-סיעז) מענסטרואציע, רעגעל, דאס מאנאטליכע [ביי פרויען].

men'strual *a.* (מענ'-סטרו-על) מאנאטליך; וואס קומט פאר איין מאל אין מאנאט; וואס דויערט א מאנאט; וואס איז שייך צו מענסטרואציע [רעגעל, דאס מאנאטליכע, ביי פרויען]; וואס איז שייך צו אן אויפלעזונגס=מיטעל [אין כעמיע].

men'strual flux (מענ'-סטרו-על פלאקס) דאס מאנאטליכע, מענסטרואציע, רעגעל.

men'struant *a.* (מענ'-סטרו-ענט) וואס האט מענסטרואציע [דאס מאנאטליכע, רעגעל].

men'struate *v.* (מענ'-סטרו-אייט) האבען מענסטרואציע, האבען דאס מאנאטליכע [ביי פרויען].

menstrua'tion *n.* (מענ-סטרו-איי'-שאן) מענסטרואציע [דאס מאנאטליכע, רעגעל]; די צייט פון מענסטרואציע.

men'struous *a.* (מענ'-סטרו-אס) וואס האט דאס מאנאטליכע [מענסטרואציע, רעגעל]; וואס איז שייך צו מענסטרואציע; וואס דויערט א מאנאט [וועגען פלאנצען].

men'struum *n.* (מענ'-סטרו-אם) אן אויפלעזונגס=מיטעל [אין כעמיע].

men'sual *a.* (מענ'-שו-על) מאנאטליך.

mensurabil'ity *n.* (מענ-שו-רע-ביל'-אי-טי) מעסטבארקייט, דאס קענען געמאסטען ווערען.

men'surable *a.* (מענ'-שו-רעבל) מעסטבאר, וואס מען קען אויסמעסטען.

men'surableness *n.* (מענ'-שו-רעבל-נעס) ז. ***mensurability***

men'sural *a.* (מענ'-שו-רעל) וואס געהערט צו מאס.

mensura'tion *n.* (מענ-שו-ריי'-שאן) מעסטונג, אויסמעסטונג.

men'surative *a.* (מענ'-שו-ריי-טיוו) וואס איז צוגעפאסט צום מעסטען זאכען.

mentag'ra *n.* (מענ-טעג'-רא) אזא הויט=אויסשלאג אויף דער מארדע.

men'tal *a. and n.* (מענ'-טעל) גייסטיג; וואס איז שייך צום פערשטאנד; אינערליך; בעהארצט; וואס איז שייך צו די קינבאקען אדער צו דער מארדע; אזא צעבער צום ציהען וואסער פון א ברונעם [אין אייניגע לענדער אין אזיען].

men'tal aberra'tion (מענ'-טעל עב-ער-איי'-שאן) משוגעת.

men'tal aliena'tion (מענ'-טעל אייל-יענ-איי'-שאן) משוגעת.

men'tal arith'metic (מענ'-טעל ע-ריטה'-מע-טיק) דאס רעכענען אויף'ן קאפ.

mental'ity *n.* (מענ-טעל'-אי-טי) אינטעלעקטואליטעט, גייסטיגע פעהיגקייט, גייסטיגע טהעטיגקייט.

men'talize *v.* (מענ'-טעל-איז) אינטעלעקטועל, גייסטיג ענטוויקלען; ארויסרופען גייסטיגע טהעטיגקייט.

men'tally *adv.* (מענ'-טעל-אי) אין געדאנקען, אין פארשטעלונג.

men'tal philos'ophy (מענ'-טעל פי-לאס'-א-פי) פסיכאלאגיע; פסיכאלאגיע, לאגיק און מעטאפיזיק [אלס געגענזאץ צו מאראל=פילאזאפיע און נאטור=פילאזאפיע].

men'tal reserva'tion (מענ'-טעל רעז-אויר-וויי'-שאן) דאס ניט דערזאגען; דאס ניט דערזאגטע.

men'tal sight (מענ'-טעל סאיט) דאס גייסטיגע אויג, דאס בעגרייפען עטוואס אזוי ווי מען וואלט עס געזעהן מיט די אויגען.

menta'tion *n.* (מענ-טיי'-שאן) גייסטיגע טהעטיגקייט; אינטעלעקט; גייסטיגער צושטאנד.

Men'tha *n.* (מענ'-טהא) דער מין שמעקעדיגע מינץ=פלאנצען [מיאטע, מיענטע].

men'thene *n.* (מענ'-טהיען) א כעמישער שטאף וואס ווערט געמאכט פון פעפער=מינץ=אויל.

men'thol *n.* (מענ'-טהאל) מענטאל [א ווייסער וואקס=עהנליכער כעמישער שטאף וואס האט דעם גערוך פון מיאטע אדער פעפער=מינץ. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

Mentha

menticul'tural *a.* (מענ-טי-קאל'-טשור-על) וואס ענטוויקעלט דעם פערשטאנד.

men'tion *v. and n.* (מענ'-שאן) דערמאהנען, אנצייגען, מאכען א בעמערקונג [וועגען אימעצען אדער עפעס]; דאס דערמאהנען; אנצייגונג, א בעמערקונג.

men'tionable *a.* (מענ'-שאן-עבל) וואס קען דערמאהנט ווערען; וועגען וואס מען קען מאכען א בעמערקונג; אויף וואס מען קען אנצייגען [אין א בעמערקונג].

men'tor *n.* (מענ'-טאר) א מענטאר [ראטהגעבער, פיהרער, לעהרער, ערציהער — הויפטזעכליך אין בעציהונגען פון אן עלטערען צו א יונגערען].

mento'rial *a.* (מענ-טאו'-רי-על) מענטאריש, ראטהענד,ווארנענד, פיהרענד אויף'ן גלייכען וועג.

men'tum *n.* (מענ'-טאם) דער קינבאקען, די מארדע.

menu' *n.* (מע-ניו') א שפייז=קארטע [א פערצייכניס פון שפייזען]; די שפייזען פון א שפייז=קארטע.

Mephistoph'eles *n.* (מעפ-איס-טאפ'-ע-ליז) מעפיסטאפעל אדער מעפיסטא [דער טייוועל, דער שטן].

Mephistophe'lian *a.* (מעפ-איס-טא-פי'-ליען) מעפיסטאפעליש, טייוועליש.

mephit'ic *a.* (מי-פיט'-איק) מעפי-טיש, שטיקעדיג, גיפטיג; פערפעסטעט.

mephit'ical *a.* (מי-פיט'-אי-קעל) ז. *mephitic*.

mephit'ically *adv.* (מי-פיט'-אי-קעל-אי) מיט שטיק-לופט, מיט א שלעכטען ריח; שטיקעדיג, גיפטיג, פערפעסטעט.

Mephi'tis *n.* (מי-פאי'-טיס) א מין אמעריקאנער שטינק-חיה'לע, עהנליך צו טכוירען אדער שעשקעס מיט זעהר א לאנ-גען און האריגען עק.

mephi'tis *n.* (מי-פאי'-טיס) שטיק-לופט; שטינקעדיגקייט.

mephi'tism *n.* (מי-פאי'-טיזם) שטיק-לופט; שטינקעדיגקייט.

mer'aline *n.* (מער'-ע-לין) א מין וואָ-לענער צייג וואס ווערט בענוצט פאר פרויען-קליידער.

mer'cantile *a.* (מויר'-קען-טיל) מער-קאנטיל, קויפמעניש, סוחר'יש, געשעפטליך.

mer'cantile a'gency (מויר'-קען-טיל איי'-דזשען-סי) א מערקאנטילע אגענטור [אן אגענטור וואס שטעלט צו גע-נויע ידיעות וועגען געשעפטס-פירמען און געשעפטסלייט, וועגען זייער פינאנציעלען צושטאנד, קרעדיט-פעהיגקייט א. ד. ג.].

mer'cantile code (מויר'-קען-טיל קאוד) דאס האנדעלס-געזעץ-בוך.

mer'cantile law (מויר'-קען-טיל לאה) דאס האנדעלס-רעכט [געזעצען וועגען האנ-דעל].

mer'cantile sys'tem (מויר'-קען-טיל סיס'-טעם) די מערקאנטילע סיסטעם [די טעאריע אין פאליטישער עקאנאמיע, וועל-כע האט געהערשט אין 17טען און 18טען יאהרהונדערט, וועלכע בעהויפטעט, אז דאס רייכטום פון א לאנד בעשטעהט אין געלד און זילבער און דעריבער דארף א לאנד שטרעבען ארויסצושיקען אין אויסלאנד וואס מעהר סחורות און אריינצונעהמען וואס מעהר געלד און זילבער, וועהרענד דאס אריינברייננגען סחורות פון אויסלאנד און ארויסשיקען געלד און זילבער דארף זיין פערבאטען אדער אזוי בעשרענקט ווי נור מעגליך].

mer'cantilism *n.* (מויר'-קען-טיל-איזם) מערקאנטיליזם, דער קאמערציעלער אדער סוחר'ישער גייסט; די איבערגעבענ-הייט צו קאמערציע; די מערקאנטילע סיס-טעם. ז. *mercantile system*.

mer'cantilist *n.* (מויר'-קען-טיל-איסט) אן אנהענגער פון קאמערציע; איינער וואס גלויבט, אז קאמערציע און האנדעל איז דאס וויכטיגסטע פאר'ן לאנד; אן אנהענ-גער פון דער מערקאנטילער סיסטעם. ז. *mercantile system*.

mercantilis'tic *a.* (מויר-קען-טי-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו מערקאנטיליזם. ז. *mercantilism*.

mer'cenarily *adv.* (מויר'-סע-נע-רי-לי) געלד-זיכטיג; טהוענדיג אלעס פאר געלד; פערדינגענדיג זיך צו דעם וואס גיט מעהר; פערקויפענדיג זיך פאר געלד.

mer'cenariness *n.* (מויר'-סע-נע-רי-נעס) געלדזיכטיגקייט; דאס פערקויפען זיך פאר געלד.

mer'cenary *a.* and *n.* (מויר'-סע-נע-רי) געלדזיכטיג; וואס פערקויפט זיך פאר געלד; וואס טהוט אלעס פאר געלד; איי-נער וואס טהוט אלעס פאר געלד, איינער וואס דער העכסטער ציעל ביי איהם איז געלד; איינער וואס פערדינגט זיך פאר א סאלדאט צוליעב געלד.

mer'cer *n.* (מויר'-סער) א קרעמער; א שניט-קרעמער.

mer'cership *n.* (מויר'-סער-שיפ) די בעשעפטיגונג פון א קרעמער אדער שניט-קרעמער.

mer'cery *n.* (מויר'-סע-רי) קלייז-האנ-דעל; שניט-געשעפט; שניט-סחורה; א שניט-קראם.

mer'chandise *n.* (מויר'-טשען-דאיז) וואארע, סחורה.

mer'chant *n.* (מויר'-טשענט) א הענד-לער, א סוחר.

mer'chantable *a.* (מויר'-טשען-טעבל) פערקויפליך, גאנגבאר [וועגען סחורות].

mer'chant cap'tain (מויר'-טשענט קעפ'-טען) א קאפיטאן פון א האנדעלס-שיף.

mer'chanthood *n.* (מויר'-טשענט-הוד) האנדעלשאפט, די בעשעפטיגונג פון א הענדלער.

mer'chantman *n.* (מויר'-טשענט-מען) א האנדעלס-שיף.

mer'chant prince (מויר'-טשענט פרינס) א גרויסער, רייכער סוחר.

mer'chantry *n.* (מויר'-טשען-טרי) האנדעל; קויפמאנשאפט.

mer'chant's accounts' (מויר'-טשענטס ע-קאונטס') בוכהאלטונג.

mer'chant ser'vice (מויר'-טשענט סויר'-וויס) ים-האנדעל; די האנדעלס-פלאטע.

mer'chant ship (מויר'-טשענט שיפ) ז. *merchantman*.

mer'chant tai'lor (מויר'-טשענט טיי'-לאר) א קונדען-שניידער וואס נעהט מיט זיין אייגענער וואארע.

mer'ciful *a.* (מויר'-סי-פול) פול מיט רחמנות אדער מיטלייד; גנעדיג, בארמ-הערציג.

mer'cifully *adv.* (מויר'-סי-פול-אי) אויף א בארמהערציגען אופן; מיט רחמנות, מיט גנאד.

mer'cifulness *n.* (מויר'-סי-פול-נעס) גנאדע, בארמהערציגקייט, רחמנות, מיט-לייד.

mer'ciless *a.* (מויר'-סי-לעס) אהן רחמנות, אהן מיטלייד, אונבארמהערציג.

mer'cilessly *adv.* (מויר'-סי-לעס-לי) אונ'ברחמנות'דיג; אהן מיטלייד, אונבארמ-הערציג.

mer'cilessness *n.* (מויר'-סי-לעס-נעס) אונבארמהערציגקייט, אונ'ברחמנות'דיג-קייט.

mercu'rial *a.* and *n.* (מויר-קיו'-רי-על) פון קוועק-זילבער; קוועק-זילבערדיג; וואס ענטהאלט קוועק-זילבער, וואס איז פעראורזאכט פון קוועק-זילבער; א מעדי-צין פון קוועק-זילבער.

Mercu'rial *a.* (מויר-קיו'-רי-על) וואס איז שייך צו דעם גאט מערקור; וואס האט די אייגענשאפטען פון מערקור; לייכט-זיניג; ליפטיג, פלינק, לעבהאפט. ז. *Mercury*.

mercu'rialist *n.* (מויר-קיו'-רי-על-איסט) איינער וואס איז עהנליך אין כא-ראקטער צו דעם גאט מערקור [ז. *Mercury*]; א דאקטאר וואס איז אן אנהענגער פון געברויכען קוועק-זילבער פאר דער היילונג פון פערשיעדענע קראנק-הייטען.

mercu'rialize *v.* (מויר-קיו'-רי-על-איז) זיין קאפריזנע אדער ניט-געזעצט; זיין לעבהאפט אדער פלינק; בעהאנדלען קראנקהייטען מיט קוועק-זילבער; ענט-וויקלען פאטאגראפישע פלאטען מיט קוועק-זילבער.

mercu'rially *adv.* (מויר-קיו'-רי-על-אי) מיט דער הילף פון קוועק-זילבער; לעב-האפט, פלינק.

Mercu'rian *a.* (מויר-קיו'-רי-ען) וואס איז שייך צום גאט מערקור; וואס איז שייך צום פלאנעט מערקור. ז. *Mercury*.

mercu'ric *a.* (מויר-קיו'-ריק) וואס איז שייך צו קוועק-זילבער, וואס ענטהאלט קוועק-זילבער; קוועק-זילבערדיג, מיט קוועק-זילבער.

mercu'rify *v.* (מויר-קיו'-רי-פאי) פער-בינדען אדער צומישען מיט קוועק-זילבער; ארויסקריגען קוועק-זילבער פון מעטאלען.

mer'curous *a.* (מויר-קיו-ראס) וואס איז, שייך צו קוועק-זילבער; וואס ענט-האלט קוועק-זילבער; קוועק-זילבערדיג, מיט קוועק-זילבער.

Mer'cury *n.* (מויר'-קיו-רי) מערקור [איינער פון די געטער ביי די אלטע רוימער. ער איז געווען דער גאט פון שווינדלער און גנבים, פון סוחרים און האנ-דעל; ער איז געווען דער בעשיצער פון רייזענדע, שלוחים און אטלעטען. ער ווערט געמאלען אין דעם בילד פון א יונגען מאן מיט א קליינעם הוט מיט פליגלען אויף'ן קאפ און מיט פליגלען ביי די קנעכלעך פון די פיס]; א שליח, א נייעס-בריינגער; א צייטונג; דער פלאנעט מערקור.

Mercury

mer'cury *n.* (מויר'-קיו-רי) קוועק-זילבער [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען]; דער קוועק-זילבער-זייל אין א טערמאמעטער; דאס בינגעל-קרויט [אזא פלאנצע].

mer'cury-cup *n.* (מויר'-קיו-רי-קאפ) א קליין שיסעלע מיט קוועק-זילבער וואס ווערט בענוצט פאר עלעקטרישע אפארא-טען אלס שטראם-פערבינדונג; דאס קוועק-זילבער-שיסעלע פון א בעראמעטער.

mer'cy *n.* (מויר'-סי) פערציי-הונג; גנאדע; רחמנות, בארמהערציגקייט, מיטלייד.

mer'cy-seat *n.* (מויר'-סי-סיעט) דער כפרת [דער צודעק פון דעם ארון אין בית המקדש]; דער גנאדען-טהראן.

mere *a.* and *n.* (מיער) בלויז, נאר, ניט מעהר ווי; לויטער, ריין; א קליינע אזע-רע [זעע]; א גרענעץ, א גרענעץ-ליניע [א מעזשע].

mere'ly *adv.* (מיער'-לי) ניט מעהר ווי, נאר, בלויז.

mere noth'ing (מיער נאטה'-אינג) א גאלע גארנישט.

mere'stead *n.* (מיער'-סטעד) א פערמע.

mere'stone *n.* (מיער'-סטאון) א גרענעץ=שטיין; א גרענעץ.

meretri'cian *a.* (מער-אי-טריש'-ען) ז. *meretricious*

meretri'cious *a.* (מער-אי-טריש'-אס) הורעריש, ווי א הור; פאלש, אנציהענד דורך א פאלשען אויסזעהן; וואס האט א פאלישען פערפוצטען אויסזעהן.

meretri'ciously *adv.* (מער-אי-טריש'-אס-לי) אויף א הורישען אופן; מעשה הור; אנציהענדיג אדער רייצענדיג דורך א פאלשען פערפוצטען אויסזעהן.

meretri'ciousness *n.* (מער-אי-טריש'-אס-נעס) א פאלשעס אויסזעהן, א פאלשער שיין; א פאלשע בעפוצונג; אן אנציהונג אדער רייצונג דורך א פאלשען שיין; א הורישע אויפפיהרונג.

mer'etrix *n.* (מער'-ע-טריקס) אן אויסגעלאסענע פרוי, א פראסטיטוטקע.

mergan'ser *n.* (מויר-גענ'-סער) דער קאלבען=טויכער [אזא קאטשקע מיט א רונדען שנאבעל און א קאם פון שטארצענבע פעדערען אויפ'ן קאפ].

merge *v.* (מוירדזש) טויכען, טונקען, זיך טובל'ען; זינקען; פערזינקען, אונטערגעהן; פערשלונגען ווערען.

mer'ger *n.* (מויר'-דזשער) די פערשמעלצונג פון א קליינעם גוט אין א גרעסערען; א פערזינקער.

merid'ian *n. and a.* (מי-ריד'-אי-ען) אין געאגראפיע — א מערידיאן, א קרייז געצויגען ארום דעם ערד=קוגעל דורך די פאלען, אדער א האלבער קרייז געצויגען פון פאל צו פאל; אין אסטראנאמיע — א קרייז געצויגען אין דער הימעלס=ספערע פון פאל צו פאל; מיטאג=צייט; דער העכסטער פונקט; מיטאגדיג; פון מיטאג=צייט; העכסט, וואס איז אויף דעם העכסטען פונקט; וואס איז שייך צו א מערידיאן, מערידיאניש.

merid'ional *a.* (מי-ריד'-אי-א-נעל) וואס איז שייך צו אדער געפינט זיך אויף א מערידיאן; העכסט; דרום=זייטיג, זידליך; וואס איז שייך צו דעם קלימאט פון זיד אדער צו די זידליכע איינוואהנער.

merid'ional dis'tance (מי-ריד'-אי-א-נעל דיס'-טענס) דער מרחק פון מערידיאן [צו מזרח=זייט אדער צו מערב=זייט].

meridional'ity *n.* (מי-ריד-אי-א-נעל'-אי-טי) די לאגע אדער שטעלונג אין מערידיאן; די זידליכע לאגע אדער ריכטונג; די ארט=לאגע צו דרום=זייט, די זידליכקייט.

merid'ionally *adv.* (מי-ריד'-אי-א-נעל-אי) אין דער ריכטונג פון מערידיאן [צו צפון אדער צו דרום].

mis′tlethrush *n.* (מיסל′־טהראש) דער מיסטעל־דראסעל [אזא פויגעלע וואס געפינט זיך אין אייראפא און אין אייניגע טיילען פון אזיע און אפריקא, האט גרויליך־ברוינע און געלבליכע פעדערען אויף'ן רוקען און אויף די פליגלען און ווייסליכע געפלעקטע פעדערען אויף'ן בייכעל און אויף'ן העלזעל].

mis′tletoe *n.* (מיז′ל־טאו) די מיסטעל [אזא אייראפאישע פאראזיטישע פלאנצע וואס וואקסט אויף פערשיעדענע ביימער, הויפטזעכליך אויף עפעל־ביימער. זי גיט ארויס קליינע געלבליך־גריינע בליטהען און, אום ווינטער, ווייסע יאגדעס. פארצייטען איז די פלאנצע גע־ברויכט געווארען פאר רעליגיעזע צוועקען און אויך אין מעדיצין. אויך יעצט ווערט זי אמאל געברויכט אום ווייהנאכט].



Mistletoe

mist′like *adv.* (מיסט′־לאיק) אזוי ווי א נעבעל, ווי א טומאן; נעבעלהאפט.

mistook′ (מיס־טוק′) געמאכט א טעות.
ז. *mistake*

mistradi′tion *n.* (מיס־טרע־דיש′־אן) א פאלשע טראדיציע; א שלעכט אנגעווענדעטע טראדיציע.

mistrain′ *v.* (מיס־טריין′) שלעכט ערציהען, שלעכט אויפברייגנען.

mis′tral *n.* (מיס′־טרעל) דער מיסטראל [א קאלטער נארד־וועסטליכער ווינד אין די טיילען פון פראנקרייך וואס געפינען זיך ביים מיטעללענדישען ים].

mistranscrip′tion *n.* (מיס־טרענ־סקריפ′־שאן) א פעהלערהאפטע קאפיע.

mistranslate′ *v.* (מיס־טרענס־לייט′) שלעכט איבערזעצען; איבערזעצען ניט ריכטיג.

mistransla′tion *n.* (מיס־טרענס־ליי′־שאן) א ניט ריכטיגע איבערזעצונג.

mistreat′ *v.* (מיס־טריעט′) שלעכט בעהאנדלען.

mistreat′ment *n.* (מיס־טריעט′־מענט) א שלעכטע בעהאנדלונג.

mis′tress *n. and v.* (מיס′־טרעס) א הערריו, א בעל־הבית'טע; א פרוי, א פערהייראטע פרוי; א מאדאם; א געליעבטע; א קעבס־ווייב; א פרוי וואס איז געניט אין עפעס; זיין פערליעבט אין א פרוי, זיין א געליעבטער; ווערען א געליעבטע.

mis′tress-ship *n.* (מיס′־טרעס־שיפ) פרויען־הערשאפט, דאס בעל־הבית'עווען אדער די אויטאריטעט פון א פרוי.

mistri′al *n.* (מיס־טראי′־על) א געריכטס־פראצעס, ביי וועלכען דער אורטייל איז געווארען אונגילטיג צוליעב עפעס א פעהלער; א געריכטס־פראצעס, וועלכער ענדיגט זיך ניט מיט קיין אורטייל [ווי למשל, ווען די געריכטס־געשווארענע קענען ניט איינשטימען].

mist′-rick *n.* (מיסט′־ריק) א געדיכטער נעבעל [טומאן].

mistrust′ *v. and n.* (מיס־טראסט′) מיסטרויען, ניט האבען קיין צוטרוי, ניט גלויבען; פערדעכטיגען; צווייפלען; דאס ניט האבען קיין צוטרוי; פערדאכט; צווייפעל.

mistrus′ter *n.* (מיס־טראס′־טער) איינער וואס האט ניט קיין צוטרוי, גלויבט ניט, צווייפעלט אדער פערדעכטיגט.

mistrust′ful *a.* (מיס־טראסט′־פול) מיסטרויאיש, פערדעכטיג, צווייפלענד.

mistrust′fully *adv.* (מיס־טראסט′־פול־אי) אהן צוטרויען, מיט צווייפעל, מיט פערדאכט.

mistrust′fulness *n.* (מיס־טראסט′־פול־נעס) מיסטרויאונג, פערדעכטיגונג, צווייפלונג.

mistrust′less *a.* (מיס־טראסט′־לעס) ניט פערדעכטיגענד קיין זאך.

mistune′ *v.* (מיס־טיון′) ניט ריכטיג אנשטעלען דעם טאן.

mis′tus *n.* (מיס′־טאס) א פלאנצע וואס איז א פראדוקט פון קרייצונג [צוזאמענמישונג פון פערשיעדענע מינים].

mistu′tor *v.* (מיס־טיו′־טאר) פאלש אונטערריכטען, שלעכט לערנען.

mis′ty *a.* (מיס′־טי) פערטונקעלט, טונקעל, נעבעלדיג, טומאנע; ניט קלאר.
The misty weather delayed the arrival of the steamer.

misunderstand′ *v.* (מיס־אנ־דער־סטענד′) מיספערשטעהן, שלעכט פערשטעהן.

misunderstan′ding *n.* (מיס־אנ־דער־סטענ′־דינג) דאס שלעכט־פערשטעהן; א טעות אין פשט; א מיספערשטענדניס, אונאייניגקייט, שטרייטיגקייט.

misunderstood′ (מיס־אנ־דער־סטוד′) מיספערשטאנען, שלעכט פערשטאנען.
ז. *misunderstand*

misu′sage *n.* (מיס־יו′־זעדזש) שלעכטער געברויך; אונפאסיגער געברויך [פון

ווערטער]; מיסברויך; שלעכטע בעהאנד-לונג.

misuse′ *v.* (מיס-יוז') מאכען א שלעכטען געברויך; מיסברויכען; שלעכט בעהאנד-לען.

misuse′ *n.* (מיס-יוס') ז. *misusage*

misu′ser *n.* (מיס-יו'-זער) א מיס-ברויכער.

misval′ue *v.* (מיס-וועל'-יו) אונטער-שעצען; ניט ריכטיג אבשאצען.

misven′ture *n.* (מיס-ווענ'-טשור) א שלים-מזל'דיגע אדער ניט-געלונגענע אונ-טערנעהמונג; א דורכפאל.

misven′turous *a.* (מיס-ווענ'-טשור-אס) וואס האט ניט קיין מוטה, וואס וואגט ניט; פייג, שרעקעדיג.

misvouch′ *v.* (מיס-וואוטש') פאלש אנ-געבען עפעס, פאלש עדות זאגען.

miswan′der *v.* (מיס-וואנ'-דער) וואנ-דערען, בלאנדזשען, פערקריכען.

miswed′ *v.* (מיס-וועד') הייראטען א ניט פאסענדע פערזאן.

mis-word′ *n.* (מיס-וואירד') א ניט ריכטיג ווארט; א קללה.

miswork′ *v.* (מיס-וואירק') טהאן שלעכטס, טהאן שלעכט אן ארבייט.

miswor′ship *n. and v.* (מיס-וואיר'-שיפ) פאלשע פערגעטערונג; פערגעטערען א זאך וואס דארף ניט פערגעטערט ווערען.

miswor′shiper *n.* (מיס-וואיר'-שיפ-ער) איינער וואס פערגעטערט פאלש [אויך אן אנפאסענדען שטייגער אדער א זאך וואס דארף ניט פערגעטערט ווע-רען].

miswor′shipper *n.* (מיס-וואיר'-שיפ-ער) ז. *misworshiper*

miswrite′ *v.* (מיס-ראיט') מאכען א גרייז אין שרייבען; ניט ריכטיג שריי-בען.

miswrought′ *a.* (מיס-ראהט') שלעכט געמאכט. ז. *miswork*

mis′y *n.* (מיס'-אי) מיסי אדער געלב-אייזען-ערץ [אזא מינעראל].

misyoke′ *v.* (מיס-יאוק') ניט ריכטיג צוזאמענבינדען אדער צונויפפאסען.

miszeal′ous *a.* (מיס-זעל'-אס) פאלש אייפריג, מיט פאלש אנגעווענדעטער אייפ-ריגקייט.

mit *n.* (מיט) [אהן א האלב-הענטשקע אדער מיט האלבע פינגער].

mi′ta *n.* (מי'-טא) געצוואונגענע ארבייט פון די אינדיאנער אין פערו [אין די אמאליגע צייטען. א זיבענטעל-חלק פון דער מענער-בעפעלקערונג האט געמוזט ארביי-טען א יאהר צייט פאר די שפאנישע ערא-בערער אין מינען, אויף די פעלדער און אין די פאבריקען. זיי האבען פאר זייער ארבייט געקראגען בעצאהלט].

mite *n.* (מאיט) א מילב; א קליינע מטבע; א גארנישט, א קלייניגקייט.

mi′ted *a.* (מאי'-טעד) קאליע געווארען [ווייל עס איז ניט גוט איינגעזאלצען, ווי קאנזערווירטע פיש].

mi′ter *n. and v.* (מאי'-טער) א מיטרא, א קאפ-הויב פון א הויכען גייסטליכען [ווי פארצייטען פון כהן גדול און איצטער פון א בישאף אדער פאפסט]; אן אויווען-זאסלינקע אדער דעקעל, אן אויווען קאל-פאק; אין סטאלעריי — א שרעג-מאס, א ווינקעל-מאס; א צוויקעל, א קלין [אין געגנעה]; א צוזאמענזעצונג אונטער א ווינקעל פון 45 גראד; דערהויבען צו א הויכער שטעלע פון א גייסטליכען, בעצה-רען מיט א מיטרא [הויפטזעכליך ווענען א בישאף]; אין סטאלעריי — פעראייני-גען אונטער א ווינקעל פון 45 גראד; מא-כען א צוויקעל אדער קלין [אין געגנעה].

Miters

mi′ter-box *n.* (מאי'-טער-באקס) א שרעג-מאס, א ווינקעל-מאס [אין סטאלע-ריי — אן אינסטרומענט צו מעסטען 45-גראדיגע ווינקלען ביים שניידען].



Miter-box

mi′ter-drain *n.* (מאי'-טער-דריין) א רינעווע אין מיטען פון אן אייזענבאהן-וועג צום אבציהען דאס וואסער אין די זייטען-רינעוועס.

mi′tering-machine′ *n.* (מאי'-טער-אינג-מע-שין') א מאשין צו זעגען און שניידען האלץ אונטער א ווינקעל פון 45 גראד; אין דרוקערייען — א מעכא-ניזם צו בשניידען דעם ברעג פון א בליי-ענער שריפט-שורה שיעף אדער שרעג.

mi′ter-jack *n.* (מאי'-טער-דזשעק) אזא שרעג-מאס. ז. *miter-box*

mi′ter-joint *n.* (מאי'-טער-דזשאינט) אין סטאלעריי — א פערבינדונג אונטער א ווינקעל פון 45 גראד.

AA. Miter-joint

mi′ter-sill *n.* (מאי'-טער-סיל) א פער-שפאר-שוועל [צו וועלכער עס לאזט זיך ארונטער די טהיר פון א שלוזע אבצוהאל-טען דאס וואסער].

mi′ter-square *n.* (מאי'-טער-סקוועהר) א ווינקעל-לינעאל צו מאכען 45-גראדיגע ווינקלען.

mi′ter-wheel *n.* (מאי'-טער-הוויעל) דאס ווינקעל-ראד אדער דיאגאנאל-ראד [א ראד מיט קאנישע צייהנער, וועלכע קומען זיך צונויף מיט די קאנישע צייה-נער פון א צווייטען ראד אונטער א ווינ-קעל פון 45 גראד].

Mith′ra *n.* (מיטה'-רא) מיטהרא, דער גאט פון ליכט ביי די פארצייטיגע פער-זיער און הינדוסען.

Mith′raism *n.* (מיטה'-רע-איזם) דאס ריגענען צו מיטהרא [ביי די פארצייטיגע פערזיער — דער גאט פון ליכט].

Mith′ras *n.* (מיטה'-רעס) ז. *Mithra*

mith′ridate *n.* (מיטה'-רי-דייט) א מין געגענגיפט.

mit′igable *a.* (מיט'-אי-געבל) מילדע-רונגס-פעהיג, וואס מען קען מילדערען, וואס קען געשטילט אדער פערלייכטערט ווע-רען; וואס קען פערמינדערען.

mit′igant *a.* (מיט'-אי-גענט) לינדערענד, מילדערענד, שטילענד, פערלייכטערענד.

mit′igate *v.* (מיט'-אי-גייט) מילדערען, פערלייכטערען; שטילען, מעסיגען, פערמינ-דערען.

It is impossible to mitigate the horrors of war.

mit′igatedly *adv.* (מיט'-אי-גיי-טעד-לי) אין א לייכטען אדער מילדען גראד.

mitiga′tion *n.* (מיט-אי-גיי'-שאן) מילד-דערונג, לינדערונג, פערלייכטערונג, שטי-לונג.

mit′igative *a.* (מיט'-אי-גיי-טיוו) ז. *mitigant*

mit′igator *n.* (מיט'-אי-גיי-טאר) איי-נער אדער עטוואס וואס מילדערט, פער-לייכטערט, שטילט אדער בערוהיגט.

mit′igatory *a.* (מיט'-אי-גיי-טא-רי) ז. *mitigant*

mitraille′ *n.* (מי-טרייל') קליינע שטיק-לעך אייזען, קליינע קוילען און עהנליכע זאכען, מיט וועלכע מען שיסט פון א קא-נאנע; א קארטעטש-אנלאדונג, א שראט-שאס [פון א הארמאט].

mitrailleur′ *n.* (מי-טרע-ליער') אן אנלאדער פון א קארטעטשען-מאשין אדער שרויטען-שאס-הארמאט. ז. *mitraille*

mitrailleuse′ *n.* (מי-טרע-ליעז') א מיטראליעזע, א קארטעטשען-הארמאט אדער שראט-מאשין וואס שיסט אויס פיעל קוילען נאכאנאנד. ז. *mitraille*

mi′tral *a.* (מאי'-טרעל) וואס איז עהנ-ליך אדער איז שייך צו א מיטרא [א בישאף'ס הוט]; וואס בעשטעהט פון צוויי קלאפפאנעס [אין אנאטאמיע]; וואס איז שייך צום דעקעל ביי דער לינקער עפנונג פון הארץ.

mi′tral valve (מאי'-טרעל וועלוו) דאס הוט-פערמיגע דעקעל ביי דער לינקער עפ-נונג פון הארץ. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

mi′tre *n. and v.* (מאי'-טער) ז. *miter*

mi′triform *a.* (מאי'-טרי-פארם) אין באטאניק — עהנליך צו א מיטרא אדער בישאף'ס הוט [קא-ניש, אויסגעהוילט און אפען פון אונטען — וועגען פרוכטען].

Mitriform Capsule

mitt *n.* (מיט) ז. *mit*

mit′ten *n. and v.* (מיטן) א פויסט-הענטשקע, א הענטשקע מיט איין פינגער; א האלב-הענטשקע [אהן פינגער אדער מיט האלבע פינגער]; אנטהאן הענטשקעס [פויסט-הענטשקעס אדער האלב-הענטשקעס]; צוריקווייזען א הייראטס-פארשלאג.

mit′timus *n.* (מיט'-אי-מאס) א גע-ריכטס-בעפעהל צו א געפענגניס-אויפזע-הער ארייגצונעהמען אן ארעסטירטען; א פערהאפטונגס-בעפעהל; א בעפעהל איבער-צוגעבען א קלאגע פון איין געריכט צו א צווייטען; ענטלאסונג, דאס אבזאגען [פון אן אמט אדער שטעלע].

mi′ty *a.* (מאי'-טי) מילביג, פול מיט מילבען.

mix *v. and n.* (מיקס) מישען, פערמישען; זיך מישען, זיך צוזאמענמישען, זיך פער-אייניגען; א געמישעכץ, א מישמאש; א בעהלער.

mix′able *a.* (מיק'-סעבל) וואס לאזט זיך פערמישען אדער צונויפמישען.

mixed *a.* (מיקסט) .1 געמישט; .2 צו־טומעלט.

1. We had a mixed feeling of pleasure and grief.

mixed cho'rus (מיקסט קאו'־ראס) א געמישטער כאר [פון מענער־שטימען און פרויען־שטימען].

mixed laws (מיקסט לאהז) געמישטע געזעצע אי וועגען אייגענטומס־זאכען, אי וועגען רעכטע און פליכטען פון פערזאנען.

mix'edly *adv.* (מיק'־סעד־לי) אויף א געמישטען שטייגער.

mixed mar'riage (מיקסט מער'־אידזש) א געמישטע הייראט [פון מענשען פון פערשיעדענע גלויבענס].

mixed met'aphor (מיקסט מעט'־ע־פאר) א געמישטע מעטאפארע [א מליצה־אויסדרוק, אין וועלכען עס פלאנטערען זיך צוזאמען עטליכע מליצות]. ז. *metaphor*

mixed num'ber (מיקסט נאמ'־בער) א געמישטע צאהל [א גאנצע צאהל צו־זאמען מיט א ברוך־צאהל, ווי 3¾].

mixed per'son (מיקסט פויר'־סאן) איינער וואס האט א דאפעלטע אדער פיעלפאכע יוריסדיקציאן אדער הער־שאפטס־אויטאריטעט [ווי למשל, א קעניג וואס ווערט בעטראכט אויך אלס דער הויפט פון דער קירך].

mixed train (מיקסט טריין) א געמיש־טער באהן־צוג [פון פאסאזשיר־וואגאנען און פראכט־וואגאנען אדער פון וואגאנען וואס זיינען בעשטימט פאר פערשיעדענע קלאסען מענשען].

mixed voy'age (מיקסט וואי'־ערדזש) א יאגד־רייזע פון פישער אי אויף ים־הינד אי אויף וואלפיש.

mix'er *n.* (מיק'־סער) איינער וואס מישט צונויף; א מאשין וואס מישט צו־נויף פערשיעדענע שטאפען.

mix'ible *a.* (מיק'־סיבל) ז. *mixable*

mix'ing *n.* (מיק'־סינג) צוזאמענמישונג; א געמישעכץ.

mix'ing-machine' *n.* (מיק'־סינג־מע־שין') א מאשין אדער פארריכטונג צו־נויפצומישען פערשיעדענע זאכען; א קו־פערנער צילינדער, אין וועלכען מען מישט צונויף די נויטיגע שטאפען ביים מאכען פולווער.

mixobarbar'ic *a.* (מיק־סאו־באר־בער'־איק) ניט אין גאנצען בארבאריש, עט־וואס ציוויליזירט.

mixog'amy *n.* (מיק־סאג'־ע־מי) א מיקסאגאמיע, א פערזאמלונג פון פיש אין דער צייט פון ארויסווארפען די רויגען [איקרע], ווען "ער'ען" זיינען פאראן מעהר ווי "זי'ען" און ארום איין "זי" געפינען זיך עטליכע "ער'ען".

mixtilin'eal *a.* (מיקס־טי־לינ'־אי־על) וואס בעשטעהט פון געמישטע ליניעס [קרומע, גלייכע, געבויגענע].

mixtilin'ear *a.* (מיקס־טי־לינ'־אי־אר) ז. *mixtilineal*

mix'tion *n.* (מיקס'־טשאן) א געמיש גע־ברויכט צום בעפעסטיגען בלאט־גאלד צו האלץ אדער צו בילדער.

mix'ture *n.* (מיקס'־טשור) א מישונג, א געמיש; א צומישונג, א ביימישונג; א מיקסטור [א צוזאמענמישונג פון פערשיע־דענע מעדיצינען].

mix'tus *n.* (מיקס'־טאס) ז. *mistus*

mix up (מיקס אפ) צוטומ־צוטומלען; בריינגען אין א פערלע־גענהייט; ארייניפלאנטערען, פערמייטען, ארײנשלעפען [אין א אונטערנעהמונג, פערשווערונג א. ז. וו.].

miz'en *n.* (מיזן) ז. *mizzen*

miz'maze *n.* (מיז'־מייז) א לאבירינט, א פערווירונג, א צומישונג.

miz'zen *n.* (מיזן) דער בעזאן־זעגעל [א הינטערשטער שיף־זעגעל].

miz'zenmast *n.* (מיז'נ־מעסט) דער מאסט וועלכער האלט די זעגלען פון דעם הינטערטייל פון א שיף.

miz'zle *n. and v.* (מיזל) א שפריי־רעגען, א שטויב־רעגען; רעגענען מיט גאנץ קליי־נינקע טראפענס; זיך אונטערגעבען; ווע־רען שכור'לעך; נעלם ווערען, מאכען פליטה; פערפלאנטערען זיך, צוטומעלט ווערען.

miz'zling *n.* (מיז'־לינג) א שפריי־רעגען, א שטויב־רעגען; א דיקער נעבעל [טו־מאן].

miz'zly *a.* (מיז'־לי) נעבעלדיג, טומאנע.

miz'zy *n.* (מיז'־אי) א זומפ.

MM. אבקירצונג פון *Messieurs* [הערען].

Mme. אבקירצונג פון *Madame*

mnemon'ic *a. and n.* (ני־מאנ'־איק) מנעמאניש, וואס העלפט דעם זכרון, וואס איז שייך צום זכרון; מנעמאניק [די קונסט פון פערבעסערען אדער ענטוויקלען דעם זכרון; א סיסטעם פון כללים, ווי צו געדענקען פערשיעדענע זאכען].

mnemon'ical *a.* (ני־מאנ'־אי־קעל) מנעמאניש, וואס העלפט דעם זכרון, וואס איז שייך צום זכרון.

mnemoni'cian *n.* (ני־מא־ניש'־ען) א לעהרער פון מנעמאניק. ז. *mnemonics*

mnemon'ics *n.* (ני־מאנ'־איקס) מנעמא־ניק, די געדעכנים־קונסט, די קונסט צו פערשטארקען אדער צו ענטוויקלען דעם זכרון, א סיסטעם פון כללים, ווי צו גע־דענקען פערשיעדענע זאכען.

mne'monist *n.* (ני'־מא־ניסט) א קע־נער אין מנעמאניק. ז. *mnemonics*

Mo. אבקירצונג פון *Missouri* [איי־נער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד־אמעריקא].

mo'a *n.* (מאו'־א) אזא זעהר גרויסער פויגעל עהנליך צו א שטרויס, נאר פיעל גרעסער פון איהם, וואס האט זיך ביז ניט לאנג צוריק געפונען אין ניי־זעעלאנד.

Mo'abite *n. and a.* (מאו'־עב־איט) איינער וואס קומט ארוים פון מואב [דער זוהן פון לוט]; וועלכער שטאמט אב פון מואב.

Mo'abitess *n.* (מאו'־ע־באי־טעס) א פרויענצימער וואס שטאמט אב פון מואב.

Moabit'ic *a.* (מאו־ע־ביט'־איק) וואס איז שייך צו מואב, וואס שטאמט אב פון מואב.

Mo'abitish *a.* (מאו'־ע־באי־טיש) ז. *Moabitic*

moan *v., n. and a.* (מאון) קרעכצען, זיפצען; קלאגען, יאמערען; א קרעכץ, א זיפץ; א וועה־קלאג; ווי א קרעכץ, ווי א זיפץ.

moat *n. and v.* (מאוט) א גראבען ארום א פעסטונג; ארומרינגלען מיט גראבענס.

moa'ted *a.* (מאו'־טעד) ארומגערינגעלט מיט א גראבען.

mob *n. and v.* (מאב) א פעבעל; א געזעמעל פון המון; א סקאנדאליעזע מא־סע; א סטאדע בהמות; אנגרייפען, אנ־פאלען פון פעבעל [המון]; א ווייבער־שער טשיפיק אדער נאכט־הויב; בעדע־קען מיט א טשיפיק.

mob'bish *a.* (מאב'־איש) פעבעלהאפט, גראב, געמיין, נידריג.

mob'-cap *n.* (מאב'־קעפ) א נאכט־הויב, א נאכט־טשיפיק.

mo'bile *a. and n.* (מאו'־ביל) בעוועג־ליך, אונבעשטענדיג; עטוואס וואס איז בעוועגליך; א בעוועגער.

mobilisa'tion *n.* (מאו־ביל־אי־זיי'־שאן) ז. *mobilization*

mo'bilise *v.* (מאו'־ביל־איז) ז. *mobilize*

mobil'ity *n.* (מא־ביל'־אי־טי) בעוועג־ליכקייט; אונבעשטענדיגקייט.

mobil'ity *n.* (מאב־איל'־אי־טי) דאס פראסטע פאלק, דער המון, דער פעבעל.

mobiliza'tion *n.* (מאו־ביל־אי־זיי'־שאן) מאביליזאציאן, די פארבערייטונג אדער פערפערטיגונג פון אן ארמעע צום קריעג.

mo'bilize *v.* (מאו'־ביל־איז) מאביליזי־רען, פארבערייטען אדער פערפערטיגען אן ארמעע צום קריעג; זעצען אין בעוועגונג, מאכען גרייט צו בעוועגונג.

mob'-law *n.* (מאב'־לאה) פעבעל־יוסטיץ [גוואלטטהאטען פון המון].

moboc'racy *n.* (מאב־אק'־רע־סי) פע־בעל־הערשאפט; דער המון, דער פעבעל.

mob'ocrat *n.* (מאב'־א־קרעט) א פיהרער פון פעבעל, א דעמאגאג.

mobocrat'ic *a.* (מאב־א־קרעט'־איק) וואס איז שייך צו פעבעל־הערשאפט.

mobs'man *n.* (מאבז'־מען) אן אויס־געפוצטער גנב אדער שווינדלער; אן עלעגאנטער קעשענע־גנב.

moc'casin *n.* (מאק'־ע־סין) אזא שוך פון איין שטיק ווייכען לעדער אהן א שטייפער זויל [פאדעש־ווע] וואס די אינדיאנער אין אמעריקא טרא־גען; אזא גיפטיגע שלאנג.

Moccasin

moc'casined *a.* (מאק'־ע־סינד) וואס טראגט אן אינדיאנער שוך. ז. *moccasin*

moc'cassin *n.* (מאק'־ע־סין) ז. *moccasin*

mo'cha *n.* (מאו'־קא) [א מאקא־קאפע] געוויסער גוטער זארט קאפע, וואס וואקסט בעזאנדערס אין יעמען, אראביען, און ווערט עקספארטירט פון דעם האפען מא־קא]; אזא אביסינישעם געוויכט [אונגע־פעהר איין אמעריקאנער אונץ].

mock *v., n. and a.* (מאק) שפאטען, פערשפאטען, אביעקען, מאכען חוזק; אב־נארען; נאכמאכען; איבערמישען; שפאט, געשפעט, לצנות, חוזק; שפאטיש, אויף־צו־פליישען, פאלש, ניט עכט.

mock'able *a.* (מאק'־עבל) לעכערליך, שפאטיש, וואס איז אויסגעזעצט צו שפאט.

mock auc'tion (מאק אהק'־שאן) א שווינדלערישע אויקציאן.

mock'-bird *n.* (מאק'־בוירד) ז. *mocking-bird*

mock col'or (מאק קאל'־אר) א פארב וואס בלאקירט אב.

mock'er *n.* (מאק'־ער) אן אבלאכער, אן אבשפאטער, א לץ; א רמאי, אן אב־נארער.

mock'ery *n.* (מאק'־ער־אי) שפאט, גע־שפעט, לצנות, חוזק; א פאלשעם אויסזעהן; דאס וואס ענטוישט.

mock'-hero'ic *a.* (מאק'-הי-ראו'-איק) כלומר'שט העלדיש.

mock'ing-bird *n.* (מאק'-אינג-בוירד) דער שפאט-פויגעל [א מין אמעריקאנער זינג-פויגעל וועלכער האט די אייגענשאפט נאכצומאכען יעדע שטימע און יעדען קלאנג].

Mocking-bird

mock'ingly *adv.* (מאק'-אינג-לי) אבלאכענדיג, אבשפאטענדיג, חוזק מאכענדיג.

mocud'dum *n.* (מא-קאד'-אם) אין אסט-אינדיען — דער עלטסטער [פון א דארף, פון א קהלה].

mo'dal *a.* (מאו'-דעל) וואס געהערט צו דער פארם, וואס געהערט צו דער ארט און ווייזע; וואס איז שייך צום מאדוס פון א צייטווארט [ז. *mode*].

mo'dalism *n.* (מאו'-דעל-איזם) די לעהרע אין דער קריסטליכער רעליגיאן, אז גאט — דער פאטער, גאט — דער זוהן און גאט — דער הייליגער גייסט זיינען נור פערשיעדענע פארמען פון איינעם און דעמזעלבען געטליכען וועזען.

modal'ity *n.* (מא-דעל'-אי-טי) אין לאגיק — מאדאליטעט, די אייגענשאפט פון לאגישע זעצע, וועלכע בעצייכענט זייער מעגליכקייט, זייער ווירקליכקייט אדער זייער נויטווענדיגקייט לויט דעם, אויף וויפיעל עס איז מעגליך, ווירקליך אדער נויטווענדיג דאס, וואס ווערט אין זיי בעהויפטעט; די ארט און ווייזע; בעשרענקטקייט, דאס זיין פערבונדען מיט א בעדינגונג [וועגען א פערשפרעכען].

mode *n.* (מאוד) די ארט און ווייזע, שטייגער, אופן; פארם; די מעטאדע; א מאדע; מאדוס פון א צייטווארט [די פארם פון א צייטווארט וועלכע דריקט אויס די ווירקליכקייט, די מעגליכקייט אדער די ווינשענסווערטיגקייט פון א טהאט]; א צופעליגע אייגענשאפט; אין לאגיק — די פארם פון א זאץ אין בעצוג צו מעגליכקייט און נויטווענדיגקייט; אזא סילאגיזם [לאגישע שלוס-פאלגערונג] וואס העננט אב פון דער קוואנטיטעט און קוואליטעט פון די זעצע פון וועלכע ער איז צונויפגעשטעלט; אין מוזיק — די טאנארט, די צונויפשטעלונג פון טענער אין אן אקטאווע אין געוויסע אינטערוואלען.

mod'el *n., a. and v.* (מאד'-על) א מאדעל, א מוסטער, א פארבילד; א פערזאן וואס דיענט אלס מוסטער פאר א מאלער אדער סקולפטאר צו מאכען א בילד אדער סטאטוע; וואס דיענט אלס א מאדעל אדער מוסטער; מאכען עטוואס נאך א מאדעל אדער מוסטער; מאדעלירען, פארמירען; אבבילדען; מאכען א מאדעל אדער מוסטער.

mod'el doll (מאד'-על דאל) א מאדעל פיגור [א וואקסענע אדער הילצערנע פיגור פון א מענשען צו מעסטען קליידער].

mod'eler *n.* (מאד'-על-ער) א מאדעלירער, איינער וואס מאכט מאדעלען אדער פיגורען.

mod'el farm (מאד'-על פארם) א מוסטער פערמע [א פערמע וואו די לאנדווירטשאפט ווערט געפיהרט דורך מאדערנע איינריכטונגען און מעטאדען].

mod'eling *n.* (מאד'-על-אינג) דאס מאכען מאדעלען; דאס מאדעלירען.

mod'eling-clay *n.* (מאד'-על-אינג-קליי) מאדעליר-ליים [א ווייכער, פיינער ליים וואס ווערט בענוצט פון קינסטלער צו מאדעלירען פיגורען].

mod'eling-stand *n.* (מאד'-על-אינג-סטענד) א מאדעליר-טיש [א טיש וואו עס ליעגט דאס ליים פון וועלכען דער סקולפטאר מאדעלירט א פיגור].

mod'eling-tools *n.* (מאד'-על-אינג-טוהלז) מאדעליר-געצייג [די געצייג פון א סקולפטאר מיט וועלכע ער מאדעלירט פיגורען פון ליים אדער אנדערע מאטעריאלען].

mod'eller *n.* (מאד'-על-ער) ז. *modeler*.

mod'elling *n.* (מאד'-על-אינג) ז. *modeling*.

mod'erate *a., v. and n.* (מאד'-ע-רייט) מעסיג, מיטעל, מיטעלמעסיג; ניש'קשה'דיג, צימליך; ביליג [וועגען פרייזען]; בעשיידען; געלאסען; לינד; מעסיגען, מילדערען; איינשרענקען; פערקלענערען, פערגרינגערען; ווירקען אלס א פארזיצענדער ביי א ויכוח אדער דיספוט; ווערען מילדער, שטילער אדער רוהיגער; איינער וואס איז מעסיג אדער געלאסען; א געגנער פון עקסטרעמע מיינונגען אדער אנזיכטען [בעזאנדערס אין פאליטיק און רעליגיאן].

mod'erately *adv.* (מאד'-ע-רייט-לי) אויף א מעסיגען אופן; מעסיג, מיטעלמעסיג.

mod'erateness *n.* (מאד'-ע-רייט-נעס) מעסיגקייט, מיטעלקייט, מיטעלמעסיגקייט; לינדקייט.

modera'tion *n.* (מאד-ע-ריי'-שאן) מעסיגונג, מילדערונג, מעסיגקייט; לאנגזאמקייט [אין ריידען, דענקען אדער האנדלען]; דאס ווירקען אלס פארזיצענדער ביי א ויכוח אדער דיספוט.

modera'tions *n.* (מאד-ע-ריי'-שאנז) דער ערשטער עפענטליכער עקזאמען אין אקספארד אוניווערזיטעט אין ענגלאנד וואס די סטודענטען דארפען האלטען אום צו בעקומען אן אקאדעמישען טיטול.

mod'eratism *n.* (מאד'-ע-ריי-טיזם) מעסיגקייט.

mod'eratist *n.* (מאד'-ע-ריי-טיסט) א מעסיגער.

modera'to *adv.* (מאד-ע-רא'-טא) אין מוזיק — אין א מעסיגער טעמפא, מעסיג.

mod'erator *n.* (מאד'-ע-ריי-טאר) א מעסיגער, איינער אדער עטוואס וואס מעסיגט, מילדערט אדער רעגולירט; א פארזיצענדער פון א פערזאמלונג וואס רעגולירט א ויכוח אדער דיספוט.

mod'eratorship *n.* (מאד'-ע-ריי-טאר-שיפ) דאס אמט פון א פארזיצענדען [ביי א ויכוח אדער דיספוט].

mod'eratress *n.* (מאד'-ע-ריי-טרעס) ז. *moderatrix*.

mod'eratrix *n.* (מאד'-ע-ריי-טריקס) א פארזיצערין, א פרויענצימער וואס פיהרט די גרענדע.

mod'ern *a. and n.* (מאד'-ערן) מאדערן, ניי, היינטיג, היינט-וועלטיג, ניי-מאדיש; א מאדערניסט, א מאדערנער מענש [איינער וואס האלט פון די אידעען און אנזיכטען פון דער נייער צייט].

mod'erner *n.* (מאד'-ער-נער) א מאדערנער, א היינט-וועלטיגער מענש; א מאדערניסט. ז. *modernist*.

Mod'ern He'brew (מאד'-ערן הי'-ברוה) מאדערנע העברעאיש [די העברעאישע שפראך אין דער פארם ווי זי ווערט איצט געברויכט מיט דער ביימישונג פון תלמוד'ישע, אראמייאישע און אנדערע ווערטער].

mod'ern his'tory (מאד'-ערן היס'-טא-רי) מאדערנע געשיכטע [די היסטאריע, וועלכע הויבט זיך אן נאך דעם אבשלוס פון דער מיטעלאלטערליכער צייט ביז היינט].

mod'ernise *v.* (מאד'-ער-נאיז) ז. *modernize*.

mod'ernism *n.* (מאד'-ער-ניזם) מאדערנעקייט, ניי-מאדישקייט; מאדערניזם [די נייע ריכטונג אין קונסט און ליטעראטור, בעזאנדערס די דעקאדענץ-ריכטונג].

Mod'ernism *n.* (מאד'-ער-ניזם) מאדערניזם, די נייע ריכטונג אין דער קאטולישער קירך, וועלכע דריקט זיך אויס אין ערקלערען די ביבעל און די רעליגיאנס-דאגמען אין איינקלאנג מיט דער מאדערנער וויסענשאפט.

mod'ernist *n.* (מאד'-ער-ניסט) א מאדערניסט, אן אנהענגער פון דער נייער ריכטונג אין דער ליטעראטור און קונסט [בעזאנדערס פון דער דעקאדענטישער ריכטונג]; אן אנהענגער פון אונטערריכטען אין די שוהלען די מאדערנע שפראכען אנשטאט די קלאסישע.

moder'nity *n.* (מא-דויר'-ני-טי) מאדערנעקייט.

moderniza'tion *n.* (מאד-ער-ני-זיי'-שאן) מאדערניזירונג, דאס מאכען מאדערן; דאס מאכען ניי-מאדיש.

mod'ernize *v.* (מאד'-ער-נאיז) מאדערניזירען, מאכען מאדערן; מאכען ניי-מאדיש; ווערען מאדערן.

mod'ernizer *n.* (מאד'-ער-נאי-זער) איינער וואס מאדערניזירט.

Mod'ern Lat'in (מאד'-ערן לעט'-אין) מאדערנע לאטיין [די לאטיינישע שפראך ווי זי ווערט היינט געברויכט].

mod'ernness *n.* (מאד'-ערן-נעס) מאדערנעקייט, היינט-וועלטיגקייט.

Mod'ern Wood'men (מאד'-ערן וואוד'-מען) א געוויסער ברידערליכער ארדען אין אמעריקא.

mod'est *a.* (מאד'-עסט) בעשיידען; עניוות'דיג; מעסיג; אנשטענדיג.

mod'estly *adv.* (מאד'-עסט-לי) אויף א בעשיידענעם אופן; עניוות'דיג.

mod'esty *n.* (מאד'-עס-טי) בעשיידענהייט; מעסיגקייט; אנשטענדיגקייט; צניעות, עניוות.

mod'icum *n.* (מאד'-אי-קאם) א ביסעל; א קליינע זאך; א קליין מענשעלע.

modifiabil'ity *n.* (מאד-אי-פאי-ע-ביל'-אי-טי) די מעגליכקייט מאדיפיצירט אדער אומגעענדערט צו ווערען.

mod'ifiable *a.* (מאד'-אי-פאי-עבל) וואס קען מאדיפיצירט אדער געענדערט ווערען.

mod'ifiableness *n.* (מאד'-אי-פאי-עבל-נעס) ז. *modifiability*.

modifica'tion *n.* (מאד-אי-פי-קיי'-שאן) מאדיפיקאציאן, ענדערונג, אומענדערונג.

mod'ificative *a. and n.* (מאד'-אי-פי-קיי-טיוו) וואס מאדיפיצירט, וואס ענדערט; עטוואס וואס מאדיפיצירט.

mod'ificator *n.* (מאד'-אי-פי-קיי-טאר) איינער וואס מאדיפיצירט אדער ענדערט.

mod'ificatory *a.* (מאד'-אי-פי-קיי-טא-רי) וואס מאדיפיצירט אדער ענדערט.

mod'ified milk (מאד'-אי-פאיד מילק) מאדיפיצירטע מילך [מילך וואס איז צוגעגרייט געווארען מיט וואסער, צוקער א. ד. ג. ווי מען מאכט עס פאר קינדער].

mod'ifier *n.* (מאד'-אי-פאי-ער) א מאדיפיצירער, אן ענדערער.

mod'ify *v.* (מאד'-אי-פאי) מאדיפיצירען, ענדערען.

modil'lion *n.* (מא-דיל'-יאן) א מאדיליאן אדער שפארענקאפ [אזא געזימס פון א זייל].

Modillion

mo'dish *a.* (מאו'-דיש) מאדיש, וואס איז לויט דער מאדע.

She wore a very modish dress.

mo'dishly *adv.* (מאו'-דיש-לי) נאך דער מאדע.

mo'dishness *n.* (מאו'-דיש-נעס) מאדישקייט, דאס זיין מאדיש; דאס האלטען זיך אן מאדעס.

mo'dist *n.* (מאו'-דיסט) אן אנהענגער פון דער מאדע.

modiste' *n.* (מאו-דיסט') א מאדיסטקע, א שניידעריז, א הוט־מאכעריז; א פרוי וואס האנדעלט מיט מאדע־ארטיקלען [אין קליידער און היט].

mo'dius *n.* (מאו'-די-אס) א מאדיוס [אזא מעסטעל פאר טרוקענע זאכען אמאל אין רוים, וואס האט געהאלטען ביי צוויי גאלאן]; אזא הויב אדער היטעל אויף פארצייטיגע פיגורען פון די רוימיש־גריכישע געטער [עהנליך צו א מאדיוס].

mod'ulant *n.* (מאדזש'-יו-לענט) עטוואס וואס מאדולירט אדער בייט אום דעם טאן.

mod'ular *a.* (מאדזש'-יו-לאר) וואס איז שייך צו מאדולאציאן [טאן־בייטונג, ענדערונג פון דער שטימע]; אין ארכיטעקטור — וואס איז שייך צו א מאדול, געמאסטען דורך א מאדול [איינהייטס־מאס צו בעשטימען די פראפארציאן פון א זייל אדער געביידע]; וואס איז שייך צו א מאדול אין מאטעמאטיק און פיזיק. ז. *modulus*.

mod'ulate *v.* (מאדזש'-יו-לייט) מאדולירען [ענדערען, בייטען דעם טאן אדער די שטימע]; ענדערען, צופאסען; מאכען פערשידענען [הויפטזעכליך אין קלאנגען]; מאכען פראפארציאנעל.

modula'tion *n.* (מאדזש-יו-ליי'-שאן) מאדולאציאן [ענדערונג, בייטונג פון טאן אדער שטימע]; א מעלאדיע, א נגון; ענדערונג, צופאסונג; אין ארכיטעקטור — די פראפארציאן.

mod'ulator *n.* (מאדזש'-יו-ליי-טאר) איינער וואס מאדולירט [בייט, ענדערט] די שטימע; איינער וואס ענדערט, פאסט צו אדער מאכט פראפארציאנעל.

mod'ulatory *a.* (מאדזש'-יו-ליי-טא-רי) וואס מאדולירט, וואס בייט דעם טאן אדער די שטימע, וואס פאסט צו פראפארציאנעל.

mod'ule *n.* (מאד'-יול) [אין א מאדול ארכיטעקטור — אן איינהייטס־מאס צו בעשטימען די פראפארציאנען פון א זייל אדער געביידע].

mod'ulus *n.* (מאד'-יו-לאס) דער מאדול, א ווירקליכע פאזיטיווע צאהל אדער קוואנטיטעט, א נומערישע אדער פיזיקאלישע, וועלכע דריקט אויס די מאס פון א פונקציאן, פון אן איינענשאפט אדער קראפט, בעזונדערס אונטער איינהייטליכע בעדינגונגען [ווי צום ביישפיעל דער מאדול פון שטארקייט, בוינזאמקייט אדער עלאסטיציטעט פון אייזען אדער פון שטאהל]; א נארמע, א נארמאל־מאס.

mo'dus *n.* (מאו'-דאס) מאדוס, מעטאדע, אופן, ארט און וויייזע; דאס צאהלען געלד אנשטאט מעשר פון פראדוקטען; א ספעציעלע פערפליכטונג אדער בעדינגונג ביים איבערגעבען איינענטום בירושה.

mo'dus operan'di (מאו'-דאס אפ-ע-רען'-דאי) דער פלאן, דער אופן, די ארט און וויייזע ווי עפעס צו טהאן.

mo'dus viven'di (מאו'-דאס ווי-ווענ'-דאי) לעבענס־ארט, דער אופן ווי צו לעבען; א צייטווייליגער אבמאך אום אויסצוגלייכען א סכסוך.

mod'wall *n.* (מאד'-וואהל) דער ביענען־פרעסער [אזא פויגעל]. ז. *bee-eater*.

mœrol'ogy *n.* (מיע-ראל'-א-דזשי) די קונסט אדער די בעשעפטיגונג פון א פראפעסיאנעלען בעקלאגער פון טויטע.

Mogul' *n. and a.* (מא-גאל') א מאנגאל, איינער פון די מאנגאלען וואס האבען איינגענומען אסט־אינדיען אין 16טען יאהרהונדערט; א מאגול, א הערשער, א גרויסע פערזענליכקייט; דער בעסטער זארט פון שפיעל־קארטען; וואס איז שייך צו די מאגולס אדער צו דער מאנגאלישער מלוכה אין אסט־אינדיען.

Mogun'tine *a.* (מא-גאנ'-טין) וואס איז שייך צו דער שטאדט מאינץ [אין דייטשלאנד].

mo'ha *n.* (מאו'-הא) איטאליענישער הירזש.

mo'hair *n. and a.* (מאו'-העהר) מאהער, די וואל פון אן אנגארא־ציגע [א מין ציגע פון קליין־אזיען מיט א זייד־דינער וואל]; צייג אדער טוך פון דיעזער וואל; מאהער־טוך; געמאכט פון מאהער.

Moham'medan *a. and n.* (מא-העמ'-ע-דען) וואס איז שייך צו מאכמעד, דעם גרינדער פון דער מאכמעדאנישער אדער מוסולמאנישער רעליגיאן [געב. אין יאהר 570, געשטארבען אין יאהר 632]; וואס איז שייך צו דער רעליגיעזער און סאציאלער סיסטעם געגרינדעט פון מאכמעד; א מאכמעדאנער אדער מוסולמאנער; א נאכפאלגער פון מאכמעד און זיינע לעהרען.

Moham'medan cal'endar (מא-העמ'-ע-דען קעל'-ענ-דאר) דער מאכמעדאנישער קאלענדאר [דער לבנה־לוח וואס ווערט בענוצט כמעט פון אלע מאכמעדאנישע פעלקער. דאס געוועהנליכע יאהר ענטהאלט 354 טעג און אן עבור־יאהר — 355 טעג. די מאכמעדאנישע צייטרעכנונג פאנגט זיך אן פון יאהר 622 פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג].

Moham'medan e'ra (מא-העמ'-ע-דען אי'-רא) די מאכמעדאנישע ערא, די מאכמעדאנישע צייטרעכנונג, וועלכע פאנגט זיך אן פון דעם 16טען יולי פון יאהר 622, לויט דער קריסטליכער צייטרעכנונג [פון דעם טאג, ווען מאכמעד איז אנטלאפען פון מעקא].

Moham'medanism *n.* (מא-העמ'-ע-דענ-איזם) איסלאמיזם [די מאכמעדאנישע אדער מוסולמאנישע רעליגיאן און עטהיק].

Moham'medanize *v.* (מא-העמ'-ע-דענ-איז) מאכמעדאניזירען, בעקעהרען צום איסלאם אדער צום מוסולמאנישען גלויבען.

Moham'medism *n.* (מא-העמ'-ע-דיזם) ז. *Mohammedanism*.

Moham'medize *v.* (מא-העמ'-ע-דאיז) ז. *Mohammedanize*.

Mohar'ram *n.* (מא-הער'-עם) ז. *Muharram*.

Mo'hawk *n.* (מאו'-האהק) איינער פון די מאהאווקען [א נארד־אמעריקאנישער אינדיאנער שבט]; א באנדיט, א רויבער; איינער פון א באנדע גאסען־רויבער אין די אמאליגע צייטען אין לאנדאן.

Mohe'gan *a. and n.* (מא-הי'-גען) ז. *Mohican*.

Mohi'can *a. and n.* (מא-הי'-קען) וואס איז שייך צו די מאהיקאנער [א נארד־אמעריקאנישער אינדיאנער שבט]; איינער פון די מאהיקאנער.

mohr *n.* (מאור) א מין אפריקאנישע אנטילאפע, וועלכע ווערט פיעל געזוכט פון די אראבער צוליעב איהר בעזואר־שטיין [ז. *bezoar*] וואס דיענט אלס רפואה אין די אריענטאלישע לענדער.

mo'hur *n.* (מאו'-הור) א גאלדענע ענגלישע מטבע אין אסט־אינדיען [בעטרעפט אן ערך זיבען דאלאר].

moi'dore *n.* (מאי'-דאור) אן אלטע פארטוגעזישע גאלדענע מטבע [בעטרעפט אן ערך זעקס דאלאר און א האלב].

moi'ety *n.* (מאי'-ע-טי) די העלפט; איינער פון צוויי גלייכע טיילען; א טייל; א חלק.

moil *v. and n.* (מאיל) פערשמירען, פערשמוצען, מאכען בלאטיג; אויסמאטערען; מאכען מיעד; זיך איינשמירען אין בלאטע; זיך מאטערען, ארבייטען שווער; הארעווען; דאס איינשמירען; דאס ווערען שמוציג; הארעוואניע; מאטערניש; אין גלאז־פאבריקאציאן — א מעטאלישער אקסיד אדער זויערשטאף־פערבינדונג וואס ווערט צוגעגעבען צום גלאז ווען עס פלאצט הארט נעבען בלאז־רעהר; א מין האק וואס ווערט געברויכט פון בערג־ארבייטער אין געוויסע שאכטען אדער מינען.

moil'er *n.* (מאיל'-ער) איינער וואס ארבייט; איינער וואס ארבייט שווער.

moi'neau *n.* (מאי'-נאָ) א קליינער באסטיאן [אזא בעפעסטיגונגס פלאץ].

moire' *n. and v.* (מואר) מארע [א מין גלאנציגע געפאזערטע זייד]; א וועלען־פערמיגער אבגלאנץ אויף מעטאל אדער טוך; צוגעבען א וועלען־פערמיגען גלאנץ צו עפעס.

moist *a. and n.* (מאיסט) פייכט, פייכטקייט.

mois'ten *v.* (מאיסן) פייכט מאכען; פייכט ווערען.

mois'tener *n.* (מאיס'-נער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט פייכט.

mois'ten one's clay (מאיסן וואנז קליי) כאפען א טרונק, מאכען א כוסה.

moist'-eyed *a.* (מאיסט'-איד) וואס האט אויגען אנגעפילט מיט פייכטקייט אדער מיט טרעהרען.

moist'ful *a.* (מאיסט'-פול) פול מיט פייכטקייט; פייכט.

mois'tify *v.* (מאיס'-טי-פאי) בעפייכטען, מאכען פייכט; בענעצען.

moist'less *a.* (מאיסט'-לעס) אהן פייכטקייט; טרוקען.

moist'ness *n.* (מאיסט'-נעס) פייכטקייט, דאס זיין פייכט.

mois'ture *n.* (מאיס'-טשור) פייכטקייט.

mois'tureless *a.* (מאיס'-טשור-לעס) אהן פייכטקייט; טרוקען.

moke *n.* (מאוק) אן עזעל; א שוטה; א נעגער; אויף דער טעאטער-שפראך — איינער וואס שפיעלט אויף עטליכע אינסטרומענטען.

mo'la *n.* (מאו'-לא) פאלשע שוואנגערשאפט [אן אנוואוקס אין דער געבעהר-מוטער, וואס ברייננט ארויס סימפטאמען פון שוואנגערשאפט].

Mo'la *n.* (מאו'-לא) דער מין זון-פיש. ז. ***sunfish***.

mo'lar *a. and n.* (מאו'-לאר) וואס צורייבט אדער צומאהלט [הויפטזעכליך וועגען באק-צייהנער]; וואס איז שייך צו באק-צייהנער; וואס איז שייך צו א מאסע, מאסיוו, אין א מאסע; וואס איז שייך צו פאלשער שוואנגערשאפט [אן אנוואוקס אין דער געבעהר-מוטער, וואס רופט ארויס סימפטאמען פון שוואנגערשאפט]; א באק-צאהן.

molar'iform *a.* (מא-לער'-אי-פארם) וואס איז עהנליך צו א באק-צאהן.

mo'lary *a.* (מאו'-לע-רי) וואס איז צוגעפאסט צום צורייבען אדער צומאהלען שפייז [ווי צייהן].

molas'ses *n.* (מא-לעס'-עז) צוקער-סיראפ.

mold *n. and v.* (מאולד) א פורם; א שאבלאן; א מאדעל; עטוואס וואס איז געמאכט אין א פורם; א פארם; א געזימס, א פערציערונגס-לייסט, א קארניז; ווייכע, דינע ערד; דער הויפט-בעשטאנד פון עטוואס; מאטעריאל; די ערד; שימעל, שימעל-שוועמלעך; א פלעק; א ראסט-פלעק; בעדעקען מיט ווייכער דינער ערד; ווערען בעוואקסען מיט שימעל, ווערען פערשימעלט; פעראורזאכען, אז עס זאל בעוואקסען ווערען מיט שימעל; מאכען א פלעק, ווי פון ראסט; פארמירען, מאדעלירען; גיסען אין א פורם.

moldabil'ity *n.* (מאול-דע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פארמירט ווערען; דאס האבען די איינענשאפט געמאכט צו ווערען אין א פורם.

mold'able *a.* (מאולד'-עבל) וואס קען געפארמט ווערען.

Molda'vian *a. and n.* (מאל-דיי'-ווי-ען) וואס איז שייך צו מאלדאוויען [א פראווינץ אין רומעניען]; א מאלדאוואנער.

mold'-board *n.* (מאולד'-באורד) דאס שטרייך-ברעט פון אן אקער-אייזען [די געבויגענע פלאטע, וועלכעווארפט אריבער די אויסגעאקערטע ערד פון אן אויפגעאקערטען שרינט]; אין מעטאל-גיסערייען — דאס ברעט, אויף וועלכען עס ווערט געשטעלט דער מאדעל מיט וועלכען מען מאכט דעם פורם.

mold'-can'dle *n.* (מאולד'-קענ'דל) א פורם-ליכט [א ליכט וואס ווערט געמאכט אין א פורם, אין געגענזאץ צו געצויגענע ליכט].

mol'der *n. and v.* (מאול'-דער) א פארמער [אן ארבייטער וואס מאכט און גיסט פורמס אין א מעטאל-גיסעריי]; פערוואנדעלט ווערען אין שטויב, פאנאנדערפאלען אין שטיקלעך, צוברעקעלט ווערען; פערוואנדלען אין שטויב, צוברעקלען.

mold'-fa'cing *n.* (מאולד'-פיי'-סינג) א דינער פולווער מיט וועלכען עס ווערט בעדעקט די אינוועניגסטע זייט פון פורם צו גיסען מעטאל כדי דאס גוס-שטיק זאל ארויסקומען גלאט.

mol'diness *n.* (מאול'-די-נעס) פערשימעלטקייט.

mol'ding *n.* (מאול'-דינג) דאס פארמירען; דאס מאדעלירען; דאס גיסען אדער פארמירען אין א פורם; א גוס-שטיק, עטוואס וואס איז אבגעגאסען אדער געמאכט אין א פורם; א געזימס, א פערציערונגס-לייסט, א ראנד-לייסט, א קארניז; דאס בעדעקען מיט ווייכער דינער ערד.

mol'ding-flask *n.* (מאול'-דינג-פלעסק) אזא פארריכטונג ביי דענטיסטען, אין וועלכער מען האלט אין בעזונדערע אבטיילונגען דעם פלאסטער-מאדעל און דעם קוישוק ביים צוגרייטען די צייהנער [ז. איל.]; א פארם-ראהם [צום גיסען מעטאל].


Molding-flask

mol'ding-mill *n.* (מאול'-דינג-מיל) א האלץ-זעג-מיהל.

mol'ding-plane *n.* (מאול'-דינג-פליין) א געזימס-הובעל, א קארניז-הובעל.

mol'ding-plow *n.* (מאול'-דינג-פלאו) אן אקער-אייזען מיט צוויי שטרייך-ברעטער צו ווארפען די אויפגעאקערטע ערד פון ביידע זייטען פון אויפגעאקערטען שרינט.

mol'ding-sand *n.* (מאול'-דינג-סענד) פארם-זאמד [די געמישטע ערד פון וועלכער עס ווערען געמאכט די פורמס אין מעטאל-גיסערייען].

mol'ding-saw *n.* (מאול'-דינג-סאה) א געזימס-זעג, א קארניז-זעג [אזא רונדע זעג אויסצוזעגען געזימסען אדער קארניזען].

mol'ding-ta'ble *n.* (מאול'-דינג-טייבל) א מאדעליר-טיש [דער טיש, אויף וועלכען א טעפער מאדעלירט כלים].

mold'-tur'ner *n.* (מאולד'-טויר'-נער) איינער וואס מאכט מעטאלענע מאדעלען אדער פורעמס.

mol'dy *a.* (מאול'-די) פערשימעלט; פערפוילט.

mole *n. and v.* (מאול) א פלעק; א קערפער-פלעק [א געבארענער פלעק אדער צייכען אויף'ן קערפער]; א האפען-ראמבע [א שטיינערנע וואנד אין א האפען צו בעשיצען איהם פון די כוואליעס]; אן אלט-רוימישע מצבה אויף א קבר אין דער פארם פון א טורעם; אזא געוויקס אין דער געבעהר-מוטער; גראב מעהל געמישט מיט זאלץ וואס פלעגט אין די אלטע צייטען געברויכט ווערען אלס קרבן; א מויל-וואורף, א קראט; גראבען לעכער ווי א קראט.

Mole

mole'-cast *n.* (מאול'-קעסט) ז. ***mole-hill***.

mole'-catch'er *n.* (מאול'-קעטש'-ער) א מוילוואורף-פאנגער, א קראט-כאפער.

mole'-crick'et *n.* (מאול'-קריק'-עט) די מוילוואורף-גריל.

Mole-cricket

molec'ular *a.* (מא-לעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו מאלעקולען, וואס בעשטעהט פון מאלעקולען. ז. ***molecule***.

molecular'ity *n.* (מא-לעק-יו-לער'-אי-טי) מאלעקולאריטעט, דאס זיין צוזאמענגעשטעלט פון מאלעקולען אדער פון גאנץ קליינינקע טיילכעלעך. ז. ***molecule***.

molec'ularly *adv.* (מא-לעק'-יו-לער-לי) אין בעצוג צו מאלעקולען. ז. ***molecule***.

mol'ecule *n.* (מאל'-ע-קיול) א מאלעקול, דער קלענסטער טייל פון א שטאף וואס קען עקזיסטירען בעזונדער און בעהאלטען די כעמישע אייגענטימליכקייטען פון דעם שטאף פון וועלכער ער איז א טייל [א מאלעקול בעשטעהט געוועהנליך פון צוויי אדער מעהרערער אטאמען, צ. ב. א מאלעקול וואסער בעשטעהט פון צוויי אטאמען וואסער-שטאף און איין אטאם זויערשטאף]; א קליין טיילכעלע; דער קיים-פונקט אין א געלכעל פון אן איי [דער פונקט אין אן איי פון וועלכען דער עמבריא פאנגט זיך אן צו ענטוויקלען]; דער בלוטס-טראפען.

mole'-eyed *a.* (מאול'-איד) וואס האט זעהר קליינע אויגען [ווי א קראט], בלינדליך; קורצזיכטיג [וואס בעטראכט זאכען נים מיט קיין ברייטען קוק].

mole'-hill *n.* (מאול'-היל) א מוילוואורף-בערגעל [א קליין בערגעל ערד וואס ווערט אויפגעשאטען דורך די גראבונגען פון א קראט].

mole'-hole *n.* (מאול'-האול) א מויל-וואורף-לאך [א לאך אין דער ערד, וואס ווערט אויסגעגראבען פון א קראט].

mole'-rat *n.* (מאול'-רעט) די בלינד-מויז [אזא גרויסע מויז עהנליך צו א קראט].

mole'skin *n.* (מאול'-סקין) די פעל פון א קראט [מוילוואורף]; אזא געוואנד עהנליך צו דער פעל פון א קראט.

molest' *v.* (מא-לעסט') בעלעסטיגען, בעאונרוהיגען, מאכען פערדרוס.

molesta'tion *n.* (מאל-עס-טיי'-שאן) בעלעסטיגונג, בעאונרוהיגונג.

moles'ter *n.* (מא-לעס'-טער) א בעלעסטיגער, א בעאונרוהיגער.

molest'ful *a.* (מא-לעסט'-פול) לעסטיג, בעשווערליך.

mole'-track *n.* (מאול'-טרעק) דער אונטערערדישער וועג וואס ווערט אויסגעגראבען פון א קראט [מוילוואורף].

mole'warp *n.* (מאול'-הוואהרפ) א מויל-וואורף, א קראט.

Mo'linism *n.* (מאו'-לי-ניזם) מאליניזם, די לעהרע פון דעם שפאנישען יעזואיט לואי מאלינא [1535—1600], אז גאטעס גנאדע קען קומען צו יעדען מענשען נור אין דער מאס, אויף וויפיעל ער שטרעבט עס מקבל צו זיין מיט זיין פרייען ווילען; די מיסטישע לעהרען פון מינועל-דע-מאלינאס, וועלכע האבען אין 17טען יאהרהונ-

דערט זיך פערשפרייט אונטער דעם נאמען "קוויעטיזם". ז. *quietism*

Mo'linist *n.* (מאו'-לי-ניסט) א מאליניסט, אן אנהענגער פון מאליניזם. ז. *Molinism*

moll *n.* (מאל) אין מוזיק — מאל. ז. *minor*

mol'la *n.* (מאל'-א) ז. *mollah*

mol'lah *n.* (מאל'-א) א מאכמעדאנישער רעליגיעזער טיטול; א מאכמעדאנישער אויבער-ריכטער.

moll'coddle *n.* (מאל'-קאדל) ז. *mollycoddle*

mol'lient *a.* (מאל'-אי-ענט) וואס מאכט ווייך; מילדערענד.

mol'liently *adv.* (מאל'-אי-ענט-לי) ווייך-מאכענדיג; מילדערענדיג.

mol'lifiable *a.* (מאל'-אי-פאי-עבל) וואס קען ווייך געמאכט ווע'ען; וואס קען געמילדערט אדער געלינדערט ווערען.

mollifica'tion *n.* (מאל-אי-פי-קיי'-שאן) דאס ווייך מאכען; דאס מילדערען, דאס לינדערען.

mol'lifier *n.* (מאל'-אי-פאי-ער) א ווייך-מאכער; אן ערווייכונגס-מיטעל; א לינדערער, א מילדערער.

mol'lify *v.* (מאל'-אי-פאי) ווייך מאכען; מילדערען, לינדערען; בעזענפטיגען, בערוהיגען.

mol'linet *n.* (מאל'-אי-נעט) א מיהלכעל; א קליינע מיהל.

mollipi'lose *a.* (מאל-אי-פאי'-לאוס) וואס האט ווייכע האר אדער פעדערען.

mol'litude *n.* (מאל'-אי-טיוד) ווייכליכקייט; דאס צערטלען און פוצען זיך ווי א פרויען-צימער.

mol'lusc *n.* (מאל'-אסק) ז. *mollusk*

Mollus'ca *n.* (מא-לאס'-קא) די מאלוסקען אדער ווייך-טהיערע [די מייסטע פון דעם מין געפינען זיך אין מושלען].

mollus'can *a.* and *n.* (מא-לאס'-קען) ווייך-קערפערדיג [ווי א מאלוסקעל]; וואס איז שייך צו די מאלוסקען אדער ווייך-טהיערע; א מאלוסקעל.

mollus'coid *a.* and *n.* (מא-לאס'-קאיד) עהנליך צו א מאלוסקעל אדער ווייך-טהיער; א מאלוסקעל.

molluscoi'dal *a.* (מאל-אס-קאי'-דעל) עהנליך צו א מאלוסקעל.

molluscoi'dan *a.* and *n.* (מאל-אס-קאי'-דען) ז. *molluscoid*

Molluscoi'dea *n.* (מאל-אס-קאי'-די-א) א געוויסע אבטיילונג פון דעם מין מאלוסקען [ווייך-טהיערע].

mollus'cous *a.* (מא-לאס'-קאס) ווייך-קערפערדיג [ווי א מאלוסקעל].

mol'lusk *n.* (מאל'-אסק) א מאלוסקעל, א ווייך-טהיער.

mol'ly *n.* (מאל'-אי) אין אינדיען — א גערטנער, איינער פון דער גערטנער-קאסטע.

mol'lycoddle *n.* (מאל'-אי-קאדל) א פערווייבערטער מאנסביל [א מאן אהן ענערגיע, אהן דרייסטקייט].

Mol'ly Maguire' (מאל'-אי מע-גהוואיר') א מיטגליעד פון א געוויסער פערברעכערישער געזעלשאפט אין אירלאנד; א מיטגליעד פון א געהיימער פערברעכערישער ארגאניזאציאן וואס האט אמאל עקזיסטירט אין דעם קויהלען-גרובען בעצירק פון דעם שטאאט פענסילווייניא, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

Mo'loch *n.* (מאו'-לאק) דער גאט מולך [דער אבגאט פון די פעניציאנער אדער בני-עמון פאר וועלכען מען פלעגט בריינגען מענשליכע קרבנות דורך פערברענען זיי אין פייער]; אזא מין עקדישען [יאשטשערקעס] אין אויסטראליען מיט הערנער אויף'ן קאפ און שטאכלען אויף'ן רוקען.

Molokan' *n.* (מאל-א-קאן') א מאלאקאן, איינער פון א רוסישער רעליגיעזער סעקטע, וועלכע אנערקענט ניט די הויפט-פאדערונגען פון דער רוסיש'ער פראוואסלאוונער אדער עוואנגעלישער קירך [ווי איקאנעס, דעם הייליגען אבענדמאל א. ז. וו.] און האלט, אז די איינציגע גאטעסדיענסט דארף בעשטעהן אין לעזען פסאלמען און הימנען.

molt *v.* and *n.* (מאולט) אראבווארפען די פעדערען, די הויט אדער די האר [פון זיך]; אויספאלען, אויסקריכען [ווי האר אדער פעדערען]; דאס אראבווארפען די הויט, די הערנער אדער די נענעל, דאס אויספאלען אדער אויסקריכען פון די פעדערען אדער האר [ווי דאס איז דער פאל ביי די מייסטע חיות און פויגלען איין מאל אדער צוויי מאל יעהרליך].

mol'ten *a.* (מאול'טן) געשמאלצען; נעגאסען.

mol'tenly *adv.* (מאול'טנ-לי) אזוי ווי אין געשמאלצענעם צושטאנד.

mol'ting *n.* (מאול'-טינג) דאס אראבווארפען די הויט, די הערנער אדער די נענעל, דאס אויפאלען אדער אויסקריכען פון די פעדערען אדער האר [ווי דאס איז דער פאל ביי די מייסטע חיות און פויגלען איין מאל אדער צוויי מאל יעהרליך].

mo'ly *n.* (מאו'-לי) דאס צויבער-גראז [אזא פלאנצע מיט ווייסע בלומען און א שווארצען ווארצעל אויף וועלכער מען גלויבט, אז זי האט א צויבער-קראפט]; ווילדער קנאבעל.

molyb'date *n.* (מא-ליב'-דייט) מאליבדען-זויער זאלץ [אזא זאלץ וואס ווערט ערהאלטען דורך א כעמישער פערבינדונג פון דעם מעטאל מאליבדענום].

molybde'na *n.* (מאל-איב-די'-נא) ז. *molybdenum*

molybde'nite *n.* (מאל-איב-די'-נאיט) מאליבדען-סולפיט אדער מאליבדען-גלאנץ [אזא מינעראל פון א בליי-גרויען קאליר מיט א מעטאל-גלאנץ. ער איז זעהר ווייך און איז עהנליך צו גראפיט].

molybde'nous *a.* (מא-ליב-די'-נאס) וואס איז שייך אדער וואס ווערט ערהאלטען פון דעם מעטאל מאליבדענום.

molybde'num *n.* (מא-ליב-די'-נאם) מאליבדענום [א כעמישער גרונד-עלעמענט, אזא הארטער זילבער-ווייסער מעטאל וואס שמעלצט זיך זעהר שווער אפילו ביי א גאנץ הויכער טעמפעראטור].

molyb'dic *a.* (מא-ליב'-דיק) ז. *molybdenous*

molybdo'sis *n.* (מאל-איב-דאו'-סיס) בליי-פערגיפטונג.

mome *n.* (מאום) א דומקאפ, א באלוואן, א גולם.

mo'ment *n.* (מאו'-מענט) א מאמענט, אן אויגענבליק, א רגע; די איצטיגע צייט; וויכטיגקייט, בעדייטונג; א וויכטיגער עלעמענט; דער אימפעט [די קראפט פון בייקומען א ווידערשטאנד דורך דעם שוואונג פון דער בעוועגונג]; אין מעכאניק — דאס מאמענט, דער עפעקט, די מאס פון א קראפט אין איהר ווירקזאמקייט ארויסצירופען בעוועגונג [בעזאנדערס א קרייז-בעוועגונג]; אין פילאזאפיע — עטוואס וואס פעראורזאכט, דער פרינציפ פון א בעוועגונג אדער פון אן ענטוויקלונג.

momen'tal *a.* (מא-מענ'-טעל) מאמענטאל, וואס געדויערט איין אויגענבליק; אין מעכאניק — וואס איז שייך צו א מאמענט. ז. *moment*

mo'mentarily *adv.* (מאו'-מענ-טע-רי-לי) אין א מאמענט, אין איין אויגענבליק; יעדען אויגענבליק; פון מאמענט צו מאמענט.

The doctor is expected **momentarily.**

mo'mentariness *n.* (מאו'-מענ-טע-רי-נעס) אויגענבליקליכקייט.

mo'mentary *a.* (מאו'-מענ-טע-רי) אויגענבליקליך; וואס דויערט נור א מאמענט; וואס פאסירט יעדען מאמענט.

mo'mently *adv.* (מאו'-מענט-לי) יעדען אויגענבליק, אלע רגע.

mo'ment of a cou'ple (מאו'-מענט אוו ע קאפל) אין מעכאניק — דער פראדוקט וואס בעקומט זיך פון כפל'ען די קראפט מיט דער לענג פון דעם העבעלארעם.

mo'ment of a force (מאו'-מענט אוו ע פאורס) אין מעכאניק — דאס קראפט-מאמענט [אין בעצוג צו א פונקט איז דאס קראפט-מאמענט גלייך דעם פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די קראפט מיט איהר אבשטאנד פון דעם פונקט (ד. ה. מיט דער וויטסטער דיסטאנץ, ביז וועלכער עס דערגרייכט די ווירקונג פון דער קראפט, וואס געהט ארויס פון דעם אנגעגעבענעם פונקט); אין בעצוג צו א ליניע איז דאס קראפט-מאמענט גלייך דעם פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די קראפט-קאמפאנענטע, וועלכע איז פערפענדיקולאר צו דער פלעכע וואס געהט דורך די ליניע, מיט דעם אבשטאנד פון דיעזער קאמפאנענטע פון דיעזער ליניע].

mo'ment of a mag'net (מאו'-מענט אוו ע מעג'-נעט) דאס מאגנעטישע מאמענט [דער פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די קראפט פון די מאגנעטישע פאלען פון א מאגנעט מיט דעם אבשטאנד צווישען זיי].

mo'ment of iner'tia (מאו'-מענט אוו אינ-אויר'-שיא) אין מעכאניק — דאס אינערציע-מאמענט [ביי א זיך דרעהענדען קערפער — די סומע פון די פראדוקטען, וועלכע ווערען געבילדעט דורך כפל'ען יעדעס טיילכעל פון דער מאסע פון קערפער מיט דעם קוואדראט פון זיין אבשטאנד פון דעם דרעהונגס-אקס].

momen'tous *a.* (מא-מענ'-טאס) זעהר וויכטיג, וואס האט א גרויסע בעדייטונג.

momen'tously *adv.* (מא-מענ'-טאס-לי) פון גרויסער וויכטיגקייט.

momen'tousness *n.* (מא-מענ'-טאס-נעס) גרויסע וויכטיגקייט.

momen'tum *n.* (מא-מענ'-טאם) אין מעכאניק — דאס מאמענט [דער פראדוקט וואס בעקומט זיך דורך כפל'ען די מאסע פון א זיך בעוועגענדען קערפער אויף זיין געשווינדיגקייט; די בעוועגונגס-קראפט]; דער אימפעט; דער קראפט-אימפעט.

mon'achal *a.* (מאנ'-ע-קעל) מאנאכיש; ווי א מאנאך אדער נאנע.

mon'achism *n.* (מאנ'-ע-קיזם) דאס מאנאכען-לעבען, דאס מאנאסטיר-לעבען.

mon'ad *n.* and *a.* (מאנ'-עד) א מאנאדע, אן איינהייטליכער אונטיילבארער סובסטאנץ; אין פילאזאפיע — איינער

פון די ניט מאטעריעלע אטאמען, פון וועלכע, לויט לייבניצעס טעאריע, די וועלט האט זיך אויסגעבילדעט; דער איינהייטליכער אונטיילבארער גייסט אין דער נאטור; דער איינהייטליכער אונמיטעלבארער גייסט פון מענשען [די נשמה]; אין ביאלאגיע — א פראטאזאע, אן איינפאכער איין=צעליגער ארגאניזם; אין זאאלאגיע — אן אינפוזאריע, אן איין=צעליגע בעשעפעניש; אין כעמיע — אן עלעמענט וועמענס אטאמען האבען די קלענסטע וואלענץ [ז. *valence*], וועלכע ווערט דעריבער גענומען אלס איינהייט; אן עלעמענט אדער אטאם וואס זיין כעמישע פערבינדונגס=קראפט איז גלייך איינס; וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון מאנאדען; וואס האט א כעמישע פערבינדונגס=קראפט וואס איז גלייך איינס.

mon'adelph *n.* (מאנ'-ע-דעלף) א פלאנצע וואס איהרע שטויב=פעדים זיינען צונויפגעוואקסען אין איין בינטעל.

Monadel'phia *n.* (מאנ-ע-דעל'-פי-א) דער מין פלאנצען וואס זייערע שטויב=פעדים זיינען צונויפגעוואקסען אין איין בינטעל.

monadel'phian *a.* (מאנ-ע-דעל'-פי-ען) ז. *monadelphous*.

monadel'phous *a.* (מאנ-ע-דעל'-פאס) אין באטאניק — וואס די שטויב=פעדים זיינען צונויפגעוואקסען אין איין בינטעל.

monad'ic *a.* (מא-נעד'-איק) ווי א מאנאדע; וואס בעשטעהט פון מאנאדען: אין כעמיע — וואס האט די פערבינדונגס=קראפט וואס איז גלייך איינס. ז. *monad*.

monad'ical *a.* (מא-נעד'-אי-קעל) ז. *monadic*.

monad'ically *adv.* (מא-נעד'-אי-קעל-אי) אזוי ווי א מאנאדע אדער ווי אן איינהייט.

mon'adism *n.* (מאנ'-עד-איזם) מאנאדיזם, די טעאריע וועגען מאנאדען. ז. *monad*.

monadol'ogy *n.* (מאנ-ע-דאל'-א-דזשי) מאנאדאלאגיע [אין דער פילאזאפישער סיסטעם פון לייבניץ — די לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דער וועלט פון מאנאדען, ד. ה. פון ניט מאטעריעלע אטאמען].

monan'der *n.* (מא-נענ'-דער) א פלאנצע וואס האט נור איין שטויב=פאדים.

monan'drous *a.* (מא-נענ'-דראס) האבענדיג איין מאן, לעבענדיג מיט איין מאן; אין באטאניק — וואס האט נור איין שטויב=פאדים.

mon'arch *n.* (מאנ'-ארק) א מאנארך, א קיסר, א הערשער, א זעלבסטהערשער.

monar'chal *a.* (מא-נאר'-קעל) מאנארכיש, קייזערליך, זעלבסטהערשעריש.

monar'chial *a.* (מא-נאר'-קי-על) ז. *monarchical*.

monar'chic *a.* (מא-נאר'-קיק) מאנארכיש, קייזערליך, זעלבסטהערשעריש.

monar'chical *a.* (מא-נאר'-קי-קעל) מאנארכיש, קייזערליך, זעלבסטהערשעריש; וואס איז אן אנהענגער פון א מאנארכיע אדער אונבעשרענקטער זעלבסטהערשאפט.

monar'chically *adv.* (מא-נאר'-קי-קעל-אי) ווי א מאנארכיע, לויט די פרינציפען פון זעלבסטהערשאפט אדער אונבעשרענקטער קייזערליכער מאכט.

mon'archise *v.* (מאנ'-אר-קאיז) ז. *monarchize*.

mon'archism *n.* (מאנ'-אר-קיזם) מאנארכיזם, דער פרינציפ פון אליין=הערשאפט; אנהענגערשאפט צו א מאנארכיסטישער רעגיערונגס=פארם אדער זעלבסטהערשאפט.

mon'archist *n.* (מאנ'-אר-קיסט) א מאנארכיסט, אן אנהענגער פון א מאנארכיסטישער רעגיערונגס=פארם אדער פון זעלבסטהערשאפט.

mon'archize *v.* (מאנ'-אר-קאיז) הערשען אונבעשרענקט, זיין א זעלבסטהערשער אדער מאנארך; איינפיהרען א מאנארכיסטישע רעגיערונגס=פארם, פערוואנדלען אין א מאנארכיע.

mon'archy *n.* (מאנ'-אר-קי) א מאנארכיע, א קעניגרייך; זעלבסטהערשאפט, מאנארכיסטישע רעגיערונגס=פארם.

monaste'rial *a.* (מאנ-עס-טי'-רי-על) וואס איז שייך צו א מאנאסטיר.

monaste'rially *adv.* (מאנ-עס-טי'-רי-על-אי) ווי א מאנאך, אבגעזונדערט; ווי אין א מאנאסטיר.

mon'astery *n.* (מאנ'-עס-טע-רי) א קלויסטער, א מאנאסטיר.

monas'tic *a.* and *n.* (מא-נעס'-טיק) קלויסטערליך, מאנאסטיריש; א קלויסטער=פרוש, א מאנאך.

monas'tical *a.* (מא-נעס'-טי-קעל) קלויסטערליך, מאנאסטיריש; ווי א מאנאך.

monas'tically *adv.* (מא-נעס'-טי-קעל-אי) ז. *monasterially*.

monas'ticism *n.* (מא-נעס'-טי-סיזם) דאס קלויסטער=לעבען, דאס מאנאסטיר=לעבען; דאס פיהרען אן אבגעזונדערט לעבען ווי א מאנאך.

monas'tic vows (מא-נעס'-טיק וואוז) די מאנאסטיר=נדרים אדער פערפפליכטונגען וואס מאנאכען נעהמען אויף זיך [ארימקייט, צוריקהאלטונג פון געשלעכטליכען פערקעהר און געהארכזאמקייט].

monaul' *n.* (מא-נאהל') א פאזאן [אזא פויגעל].

Mon'day *n.* (מאנ'-דיי) מאנטאג.

Mon'dayish *a.* (מאנ'-דיי-איש) מאנטאגדיג; מיעד, אויסגעמאטערט [וועגען גלחים וואס האבען זיך אויסגעמאטערט אום זונטאג]; מאנטאגדיג געשטימט, שלעכט געשטימט [צוליעב דער פארשטעהענדער וואכעדיגקייט נאך זונטאג].

monde *n.* (מאנד) די וועלט; דער קוגעל, וועלכען א קייזער אדער הערשער האלט אין האנד אלס סמן פון קעניגטום.

mon'etarily *adv.* (מאנ'-ע-טע-רי-לי) אין בעצוג צו געלד=אנגעלעגענהייטען; פון א פינאנציעלען שטאנדפונקט, פינאנציעל.

mon'etary *a.* (מאנ'-ע-טע-רי) וואס איז שייך צו געלד, וואס בעשטעהט פון געלד; פינאנציעל.

mon'etary chain (מאנ'-ע-טע-רי טשיין) א קייט פון פערשיעדענע שטיקלעך טייערע מעטאלען וואס פלעגען אמאל געברויכט ווערען אלס געלד.

mon'etary u'nit (מאנ'-ע-טע-רי יו'-ניט) א געלד=איינהייט, אן אנגענומענע געלד=מאס [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דער גאלד=דאלאר וואס ענטהאלט 25.8 גראן גאלד, אין ענגלאנד — דער פונט, אין פראנקרייך — דער פראנק, אין דייטשלאנד — דער מארק, אין רוסלאנד — דער רובעל א. ז. וו.].

monetiza'tion *n.* (מאנ-ע-טי-זיי'-שאן) דאס מאכען עטוואס צו געלד, דאס אנערקענען געזעצליך אלס געלד; פרעגונג פון מטבעות.

mon'etize *v.* (מאנ'-ע-טאיז) מאכען, פרעגען מטבעות; ערקלערען אלס געזעצליך געלד, מאכען גילטיג אלס געלד.

mon'ey *n.* and *v.* (מאנ'-אי) געלד, מינץ, מטבעות; רייכטום, פערמעגען; דאס אין וואס מען לעגט אריין געלד; געבען געלד, בעזארגען מיט געלד; פערוואנדלען אין געלד.

mon'eyage *n.* (מאנ'-אי-עדזש) דאס רעכט צו פרעגען מטבעות; דאס רעכט צו מאכען געלד; אין דער פעאדאלער ארדנונג אין ענגלאנד — אן אבצאהל צום פעאדאל אדער פריץ דערפאר וואס ער האט ניט געפעלשט דאס געלד וואס ער האט רעכט געהאט צו פרעגען.

mon'ey-bag *n.* (מאנ'-אי-בעג) א געלד=זאק, א געלד=בייטעל.

mon'eybags *n.* (מאנ'-אי-בעגז) א געלד=זאק, אן עושר, איינער וואס איז אנגעשטאפט מיט געלד.

mon'ey-bill *n.* (מאנ'-אי-ביל) א געלד=ביל, א געלד=בעוויליגונג, א געזעץ=פראיעקט וועגען געלד=אנגעלעגענהייטען [וועגען בעוויליגען געלד פאר רעגיערונגס=אויסגאבען אדער וועגען בעשטימען די קוועלען פון רעגיערונגס=איינגאהמען].

mon'ey-box *n.* (מאנ'-אי-באקס) א געלד=פושקע, א שפאר=קעסטעל, א צדקה=פושקע.

mon'ey-bro'ker *n.* (מאנ'-אי-בראו'-קער) א געלד=מעקלער, א געלד=הענדלער; א חלפן.

mon'ey-chan'ger *n.* (מאנ'-אי-טשיינ'-דזשער) א געלד=וועקסלער, א חלפן; א געלד=הענדלער.

mon'ey-corn *n.* (מאנ'-אי-קאהרן) מענג=קארן, מישקארן [א געמיש פון פערשיעדענע תבואות].

mon'ey-dea'ler *n.* (מאנ'-אי-דיע'-לער) ז. *money-changer*.

mon'ey down (מאנ'-אי דאון) ארויס מיט מזומנים.

mon'ey-draw'er *n.* (מאנ'-אי-דראה'-ער) א געלד=שופלאד.

mon'ey-drop'per *n.* (מאנ'-אי-דראפ'-ער) א שווינדלער וואס בעגעהט זיינע שווינדלען דורך'דעם וואס ער פערלירט כלומר'שט געלד אין גאס.

mon'eyed *a.* (מאנ'-איד) בעמיטעלט, רייך, וואס האט געלד, וואס האט מזומן; וואס בעשטעהט פון מזומן געלד, אין דער פארם פון געלד.

mon'eyed in'terests (מאנ'-איד אינ'-טער-עסטס) די פינאנץ=וועלט, די קאפיטאליסטישע אינטערעסען.

mon'eyer *n.* (מאנ'-אי-ער) א געלד=פרעגער; א באנקיר, א געלד=הענדלער.

mon'ey-grub'ber *n.* (מאנ'-אי-גראב'-ער) א קארגער, א קמצן.

mon'ey-job'ber *n.* (מאנ'-אי-דזשאב'-ער) א געלד=הענדלער, א חלפן.

mon'ey-len'der *n.* (מאנ'-אי-לענ'-דער) א געלד=לייהער, א מלוה.

mon'eyless *a.* (מאנ'-אי-לעס) געלדלאז, וואס האט ניט קיין געלד; ארעם.

mon'ey-ma'ker *n.* (מאנ'-אי-מיי'-קער) איינער וואס זאמעלט געלד אדער שטרעבט אנצוזאמלען געלד; איינער וואס מאכט פאלש געלד.

mon'ey-ma'king *n.* and *a.* (מאנ'-אי-מיי'-קינג) 1. דאס אנזאמלען געלד, ערווערבונג פון רייכטום; וואס זאמעלט אן געלד; 2. איינטרעגליך, וואס ברייננט איין פראפיטען.

1. Anti-Semites consider the Jews a **money-making** people. 2. He has a **money-making** business.

mon'ey-mar'ket *n.* (מאנ'-אי-מאר'-קעט) דער געלד-מארק, די וועלט פון פינאנציעלע אונטערנעהמונגען.

mon'ey-mat'ter *n.* (מאנ'-אי-מעט'-ער) א געלד-אנגעלעגענהייט.

mon'ey-mon'ger *n.* (מאנ'-אי-מאנ'-גער) א געלד-הענדלער; א מלוה, א פראצענטניק.

mon'ey-mon'gering *n.* (מאנ'-אי-מאנ'-גער-אינג) הלוואות, דאס לייהען געלד [אויף הויך-שינדערישע פראצענטען].

mon'ey of account' (מאנ'-אי אוו ע-קאונט') מטבעות, וועלכע צירקולירען ניט, אבער ווערען געברויכט אין רעכנונגען.

mon'ey on call (מאנ'-אי אן קאהל) געלד אוועקגעליהען מיט דער בעדינגונג, אז עס זאל אומגעקעהרט ווערען צו יעדער צייט, ווען מען וועט עס פאדערען.

mon'ey-or'der *n.* (מאנ'-אי-אהר'-דער) א פאסט-געלד-אנווייזונג.

mon'ey-or'der post'-of'fice (מאנ'-אי-אהר'-דער פאוסט'-אפ'-איס) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א פאסט-קאנטאר, וואס האט דאס רעכט ארויסצוגעבען און אויסצוצאהלען געלד-אנווייזונגען.

mon'ey-pot *n.* (מאנ'-אי-פאט) א שפאר-קעסטעל, א שפאר-קאסע [א כלי, בעזונדערס א ליימענע אין וועלכער מען קלייבט געלד און וועלכע מען דארף צוברעכען ווען מען וויל דאס געלד ארויסנעהמען].

mon'ey-proof *a.* (מאנ'-אי-פרוהף) וואס קען ניט אונטערגעקויפט ווערען.

mon'ey-scrive'ner *n.* (מאנ'-אי-סקריוו'-נער) א געלד-מעקלער, א מעקלער פון הלוואות.

mon'ey-spi'der *n.* (מאנ'-אי-ספאי'-דער) דער גליקס-שפין [אזא קליינער שפין אין נארד-אמעריקא, וועגען וועלכען עס עקזיסטירט אן אבערגלויבען, אז ווען ער קריכט אויף אימעצען, איז עס א סמן, אז יענער וועט בעגליקט ווערען].

mon'ey-spin'ner *n.* (מאנ'-אי-ספינ'-ער) ז. *money-spider*.

mon'ey's-worth *n.* (מאנ'-איז-הוואירטה) 1. די פולע ווערטה, א זאך וואס איז ווערטה דאס געלד וואס עס קאסט; 2. עטוואס וואס איז פונקט אזוי גוט ווי געלד; עטוואס וואס וועט איינברייננגען געלד.
1. I bought a new hat and got my money's-worth.

Moneywort

mon'ey-ta'ker *n.* (מאנ'-אי-טיי'-קער) א געלד-נעהמער [הויפטזעכליך איינער וועמען מען צאהלט איינטריטס-געלד אין אן עפענטליכען פלאץ].

mon'eywort *n.* (מאנ'-אי-הוואירט) פפעניג-קרויט [אזא קלעטערענדע פלאנצע מיט רונדע בלעטלעך].

'mong *prep.* (מאנג) צווישען, אונטער [אבגעקירצט פון: *among*].

mong'corn *n.* (מאנג'-קאהרן) כענגקארן, מיש-קארן [א געמיש פון פערשיעדענע תבואות].

mon'ger *n. and v.* (מאנ'-גער) א הענדלער; האנדלען.

Mon'gol *n. and a.* (מאנ'-גאל) א מאנגאל [א מיטגליעד פון אן אזיאטישער ראסע, וועלכע האט אין דרייצעהנטען יאהרהונדערט אונטעריאכט א גרויסען טייל פון אזיע און אסט-אייראפא. יעצט געפינט מען מאנגאלען הויפטזעכליך אין מאנגאליע, א כינעזישע פראווינץ אין זיד פון סיביר]; א כינעזער; מאנגאליש, וואס איז שייך צו א מאנגאל, צו דער מאנגאלישער ראסע אדער צו מאנגאליע.

Mongo'lian *a. and n.* (מאנ-גאו'-לי-ען) מאנגאליש, וואס איז שייך צו די מאנגאלען אדער צו דער מאנגאלישער ראסע; א מאנגאל; א כינעזער; די מאנגאלישע שפראך [וועלכע טיילט זיך איין אין דריי דיאלעקטען: קאלמיקיש, אסט-מאנגאליש און בוריאטיש]. ז. *Mongol*.

Mongo'lian race (מאנ-גאו'-לי-ען רייס) די מאנגאלישע אדער געלע ראסע [צו איהר בעלאנגען די כינעזער, די יאפאנעזער, די טאטערען, די לאפלאנדער, די עסקימאסען א. ז. וו. די הויפט כאראקטעריסטישע סמנים פון דער ראסע זיינען: געלבליכע הויט-פארב, א לענגליכער שארבען, ברייטע באקביינער, א קורצע ברייטע נאז און שמאלע, קרומליכע אויגען].

Mongol'ic *a.* (מאנ-גאל'-איק) מאנגאליש. ז. *Mongol*.

Mongo'lioid *a. and n.* (מאנ-גאו'-לי-איד) מאנגאליש, וואס איז שייך צו מאנגאלען אדער צו דער מאנגאלישער [געלער] ראסע; א מאנגאל; א מיטגליעד פון דער געלער ראסע.

Mon'goloid *a. and n.* (מאנ'-גא-לאיד) ז. *Mongolioid*.

Mon'gol Tar'tar (מאנ'-גאל טאר'-טאר) איינער פון א געמישטער אבשטאמונג פון מאנגאלען און טאטערען. ז. *Mongol*.

mon'goos *n.* (מאנ'-גוהס) א מאנגוז [אזא אינדיש חיה'לע וואס פרעסט גיפטיגע שלאנגען און קראקאדיל-אייער]; דער וויסער לעמור [אזא אפען-ענליך חיה'לע].

mon'goose *n.* (מאנ'-גוהס) ז. *mongoos*.

mon'grel *n. and a.* (מאנ'-גרעל) איינער פון געמישטער אבשטאמונג; א חיה אדער פלאנצע פון געמישטער אבשטאמונג [הויפטזעכליך אזעלכע וואס קומען פון א גאנצער רייה קרייצונגען אדער פארוגען פון פערשיעדענע מינים]; א הונד פון געמישטער אבשטאמונג; א געמישעכץ; פון געמישטער אדער אונריינער אבשטאמונג.

mon'grelism *n.* (מאנ'-גרעל-איזם) א מישונג פון פערשיעדענע מינים. ז. *mongrel*.

mon'grelize *v.* (מאנ'-גרעל-איז) ארויסברייינגען א געמישטען מין [פון חיות, פלאנצען א. ז. וו.].

mon'ied *a.* (מאנ'-איד) ז. *moneyed*.

mon'ilated *a.* (מאנ'-אי-ליי-טעד) ז. *moniliform*.

monil'icorn *a. and n.* (מא-ניל'-אי-קאהרן) וואס האבען פיהל-הערנער מיט איינקארבונגען ענליך צו א שנירעל קארעלען [וועגען אינזעקטען]; אן אינזעקט מיט אזעלכע פיהל-הערנער.

monil'iform *a.* (מא-ניל'-אי-פארם) ענליך צו א קארעלען-שנור, מיט איינקארבונגען [וועגען קערפער-טיילען פון חיות אדער וועגען פלאנצען].

Moniliform Part of a Plant

mon'ism *n.* (מאנ'-איזם) מאניזם, די פילאזאפישע לעהרע, לויט וועלכער אלע ערשיינונגען, גייסטיגע און פיזישע, האבען איין אורזאכע און זיינען פון זעלבען וועזען [אלס די איינציגע אורזאכע ווערט אנגענומען: אדער דער גייסט (אידעאליסטישער מאניזם), אדער דער שטאף (מאטעריאליסטישער מאניזם), אדער עטוואס וואס פערקערפערט אין זיך אי שטאף אי גייסט (פאנטהעאיסטישער מאניזם)]; א פילאזאפישע סיסטעם וואס שטרעבט צו ערקלערען פערשיעדענארטיגע ערשיינונגען דורך איין אורזאכע; אין ביאלאגיע — די לעהרע, אז אלע לעבעדיגע בעשעפענישען שטאמען פון אן איינציגער צעלע.

mon'ist *n. and a.* (מאנ'-איסט) אן אנהענגער פון מאניזם; מאניסטיש. ז. *monism*.

monis'tic *a.* (מא-ניס'-טיק) מאניסטיש; וואס איז שייך צום מאניזם. ז. *monism*.

monis'tical *a.* (מא-ניס'-טי-קעל) מאניסטיש, וואס איז שייך צום מאניזם. ז. *monism*.

moni'tion *n.* (מא-ניש'-אן) אנזאגונג, ווארנונג, אזהרה; אנזאגונג וועגען א געריכטליכען פראצעס; א שריפטליכע פאדערונג פון א בישאף צו א נידריגערען גייסטליכען מיט א פאדערונג גוט צו מאכען עטוואס אויף וואס ער האט עובר געווען; אנצייגונג, אנדייטונג.

mon'itive *a.* (מאנ'-אי-טיוו) אנזאגענד, ווארנענד.

mon'itor *n.* (מאנ'-אי-טאר) א ווארנער, אן אנזאגער; א קלאס-אויפזעהער [א תלמיד וואס האט די אויפזיכט אויף דער אויפפיהרונג פון זיינע חברים]; אן עלטערער שילער וואס העלפט דעם לעהרער אין אונטערריכטען; אזא געפאנצערטע שיף; א טייל פון א דאך מיט לופט-עפענונגען אדער מיט פענסטערלעך [ווי אין א טראמוואי אדער אמניבוס]; א ווארנונגס-עקדיש [ז. *Monitor*].

Mon'itor *n.* (מאנ'-אי-טאר) די ווארנונגס-עקדישען [אזא מין יאשטשערקעס, וועגען וועלכע עס האט אמאל עקזיסטירט א לעגענדע, אז זיי ווארנען מענשען וועגען דער אנוועזענהייט פון קראקאדילען].

monito'rial *a.* (מאנ-אי-טאו'-רי-על) ווארנענד, אנזאגענד; וואס איז שייך צו קלאסען-אויפזעהער [פון די שילער גופא]; וואס איז שייך צו א שוהל-סיסטעם, וואו די עלטערע שילער העלפען דעם לעהרער אין אונטערריכטען; וואס איז שייך צו א שילער וואס העלפט דעם לעהרער אין אונטערריכטען; ערציהעריש.

monito'rially *adv.* (מאנ-אי-טאו'-רי-על-אי) דורך ווארנונג; ווי א קלאס-אויפזעהער אדער הילפס-לעהרער [פון די שילער גופא].

mon'itor-liz'ard *n.* (מאנ'-אי-טאר-ליז'-ארד) דער ווארנונגס-עקדיש. ז. *Monitor*.

mon'itor-roof *n.* (מאנ'-אי-טאר-רוהף) א טייל פון א דאך [ביי טראמוואיען און אמניבוסען] מיט לופט-עפנונגען און פענסטערלעך.

mon'itory *a. and n.* (מאנ'-אי-טא-רי) ווארנענד, אנזאגענד; א ווארנונג, אן אזהרה.

mon'itory let'ter (מאנ'-אי-טא-רי לעט'-ער) א ווארנונגס-שריפט פון א בישאף. ז. *monitorial*.

mon'itory liz'ard (מאנ'-אי-טא-רי ליז'-ארד) דער ווארנונגס-עקדיש. ז. *Monitor*.

mon'itress *n.* (מאנ'-אי-טרעס) איינע וואס ווארינט.

mon'itrix *n.* (מאנ'-אי-טריקס) ז. *monitress*.

monk *n.* (מאנק) א מאנאך, א קלויסטער-ברוש; א טינט-פלעק [אין דרוק].

monk'-bat *n.* (מאנק'-בעט) אזא פלעדערמויז [אין יאמאיקא. ווערט אזוי גערופען, ווייל די זכרים פון דעם מין האלטען זיך מחנות-ווייז צוזאמען].

monk'-bird *n.* (מאנק'-בוירד) דער לעדער-קאפ [אזא פויגעל]. ז. *friar-bird*.

mon'kery *n.* (מאנ'-קער-אי) דאס מאנאכען-לעבען, דאס קלויסטער-לעבען; די איינוואוהנער פון א מאנאסטיר; א מאנאסטיר; א דארפישע געגענד; וואנאבונדען.

mon'key *n. and v.* (מאנ'-קי) 1. אן אפע [אבעזיאנע, מאלפע]; א באביצע, א פאליעס-שלאגער, א ראמבאק [אריינצושלאגען פלעקער אין דער ערד]; אזא קליינער שמעלץ-טאפ [אין דער גלאזפאבריקאציאן]; אזא קייל-ענדיגער ליימענער וואסער-קרוג מיט א לאנגען האלז; א סומע פון 500 דאלאר [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא] אדער פון 500 פונט [אין ענגלאנד]. 2. מאכען קונצען מיט עפעס, קונדסען, זיך שפיעלען, האבען צו טהאן מיט עפעס; 3. נאכמאכען, נאכקרימען זיך [ווי א מאלפע].
2. Don't monkey with a loaded revolver.

mon'key-bag *n.* (מאנ'-קי-בעג) א געלד-בייטעל וואס מאטראזען טראגען אויפגעהאנגען אויף'ן האלז.

mon'key-board *n.* (מאנ'-קי-באורד) דאס ברעט אויף אן אמניבוס, וואו עס שטעהט דער קאנדוקטאר.

mon'key-bread *n.* (מאנ'-קי-ברעד) דאס אפען-ברויט [די פרוכט פון דעם אפען-ברויט-בוים אדער באאבאב]; דער אפען-ברויט-בוים אדער באאבאב. ז. *baobab*.

Monkey-bread

mon'key-en'gine *n.* (מאנ'-קי-ענ'-דזשין) אזא מעכאנישער פאליעס-שלאגער [ראמבאק אדער באביצע אריינצושלאגען פאליעס].

mon'key-gaff *n.* (מאנ'-קי-געף) דער פלאג-שטאנג [פון וועלכען מען גיט פערשיעדענע סיגנאלען] אויף א האנדעלס-שיף.

mon'key-grass *n.* (מאנ'-קי-גרעס) אזא הארטעס גראז וואס ווערט געברויכט פאר בעזימער.

mon'keyism *n.* (מאנ'-קי-איזם) דאס נאכמאכען אדער איבערקרימען [ווי א מאלפע].

mon'key-jack'et *n.* (מאנ'-קי-דזשעק'-עט) אזא דיקער זשאקעט וואס מאטראזען טראגען אין א קאלטען וועטער.

mon'key-pump *n.* (מאנ'-קי-פאמפ) א שטרוי אדער רעהרעל דורך וועלכער מען זויגט משקה פון א פלאש [אויף דער מאטראזען-שפראך].

mon'key-puz'zle *n.* (מאנ'-קי-פאזל) דער טשילי-טאנענבוים.

mon'key's allow'ance (מאנ'-קיז ע-לאו'-ענס) הינטישע קעסט, מעהר קלעפ ווי עסען.

mon'key-shine *n.* (מאנ'-קי-שאין) מאלפישע שטיק, מאלפישע קונצען.
The boys cut monkey-shines on the street.

mon'key-shrub *n.* (מאנ'-קי-שראב) דער טשילי-טאנענבוים.

mon'key-span'ner *n.* (מאנ'-קי-ספענ'-ער) ז. *monkey-wrench*.

mon'key-tail *n.* (מאנ'-קי-טייל) א שטאנג צום בעוועגען קאנאנען אויף א שיף; א שטריק מיט א קנופ צוגעבונדען צו א האקען וואס דיענט אלס אן אנהאלט פאר דער האנד.

mon'key-tree *n.* (מאנ'-קי-טריע) דער טשילי-טאנענבוים.

mon'key-wrench *n.* (מאנ'-קי-רענטש) א שרויפען-שליסעל וואס קען געמאכט ווערען גרעסער און קלענער.

Monkey-wrench

monk'-fish *n.* (מאנק'-פיש) דער ענגעל-פיש. ז. *angel-fish*.

monk'hood *n.* (מאנק'-הוד) מאנאכען-שטאנד; דער כאראקטער פון א מאנאך; מאנאכען [בכלל].

monk'ish *a.* (מאנק'-איש) מאנאכיש.

monk'ishness *n.* (מאנק'-איש-נעס) דאס זיין מאנאכיש.

monk'-seal *n.* (מאנק'-סיעל) אזא ים-הונד.

monk's'-hood *n.* (מאנקס'-הוד) דער אייזען-הוט [אזא פלאנצע וואס איהרע בלומען זייען עהנליך צו א מאנאכען-הויב].

monk's'-rhu'barb *n.* (מאנקס'-רוה'-בארב) אלפען-רובארבער [אזא פלאנצע].

monk's'-seam *n.* (מאנקס'-סיעם) די דאפעלטע מיטעל-נאהט פון א זעגעל.

Monk's-hood

mon'mouth *n.* (מאנ'-מאטה) אזא פלאכער היטעל [וואס מאטראזען פלעגען אמאל טראגען].

monoblep'sis *n.* (מאנ-א-בלעפ'-סיס) אזא אויגען-קראנקהייט, ביי וועלכער מען זעהט בעסער, ווען מען האלט איין אויג צוגעמאכט.

mon'ocarp *n.* (מאנ'-א-קארפ) אן איין-יאהריגע פלאנצע [וואס ברייגנט איין מאל פרוכט און שטארבט אב].

monocar'pous *a.* (מאנ-א-קאר'-פאס) וואס ברייגנט בלויז איין מאל פרוכט [ווענען איין-יאהריגע פלאנצען].

monoc'erous *a.* (מא-נאס'-ע-ראס) וואס האט נור איין הארן; איינהארנדיג.

mon'ochord *n.* (מאנ'-א-קארד) א מאנאכארד, א מין מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט איין סטרונע [דער אינסטרומענט בעשטעהט פון א קעסטעל, אויף וועלכען עס איז אנגעצויגען איין סטרונע אויף א בעוועגליכען קלעצעל. פערשיעדענע טענער בעקומען זיך פון דעם וואס דאס קלעצעל אונטער דער סטרונע רוקט מען איבער נעהנטער אדער ווייטער פון דעם ארט, וואו די סטרונע איז צוגעבונדען].

monochro'ic *a.* (מאנ-א-קראו'-איק) ז. *monochromatic*.

monochromat'ic *a.* (מאנ-א-קרא-מעט'-איק) איינפארביג; וואס האט איין קאליר.

mon'ochrome *n.* (מאנ'-א-קראום) א בילד אין איין פארב.

monochro'mical *a.* (מאנ-א-קראו'-מי-קעל) איינפארביג; וואס האט איין קאליר.

mon'ochromy *n.* (מאנ'-א-קראו-מי) דאס מאלען מיט איין פארב אדער קאליר.

monochron'ic *a.* (מאנ-א-קראנ'-איק) מאנאכראניש, וואס עקזיסטירט אדער פאסירט אין איין צייט; פון דערזעלבער צייט; אין געאלאגיע — וואס האט זיך אבגעלעגט אדער אויסגעבילדעט אין דערזעלבער פעריאדע [ווענען פערשטיינערטע בעשעפענישען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד].

mon'ocle *n.* (מאנ'-אקל) אן איין-אויגיגע חיה; א מאנאקל [אן אויגען גלעזעל פאר איין אויג].

monocotyle'don *n.* (מאנ-א-קאט-אי-לי'-דאן) א מאנאקאטילעדאן, א פלאנצע וואס האט איין זאמען-בלעטעל.

Monocotyledon

monoc'racy *n.* (מא-נאק'-רע-סי) אויטאקראטיע, זעלבסטהערשונג, די הערשאפט פון איינעם.

mon'ocrat *n.* (מאנ'-א-קרעט) א זעלבסט-הערשער, אן אויטאקראט; אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א נאמען, מיט וועלכען מען פלעגט אפט אנרופען די פארשטעהער פון דער פעדעראליסטישער פארטיי, וועלכע, לויט דער מיינונג פון זייערע געגנער, האבען געהאט מאנארכיסטישע טענדענצען.

monoc'ular *a.* (מא-נאק'-יו-לער) איין-אויגיג, מיט איין אויג; וואס איז געמאכט אדער צוגעפאסט פאר איין אויג.

monoc'ulous *a.* (מא-נאק'-יו-לאס) ז. *monocular*.

monodac'tyl *a.* (מאנ-א-דעק'-טיל) ז. *monodactylous*.

monodac'tylous *a.* (מאנ-א-דעק'-טי-לאס) איינפינגערדיג, מיט איין פינגער אויף דער האנד אדער אויף'ן פוס.

monodra'ma *n.* (מאנ-א-דרא'-מא) א מאנאדראמא [א שוישפּיעל מיט איין האנדלענדער פערזאן].

monodramat'ic *a.* (מאנ-א-דרע-מעט'-איק) מאנאדראמאטיש, וואס איז שייך צו א מאנאדראמא. ז. *monodrama*.

mon'ody *n.* (מאנ'-א-די) א מאנאדיע, א געזאנג אדער מוזיקאלישע קאמפּאזיציאן בלויז פאר איין שטימע אדער הויפּטזעכ-ליך פאר איין שטימע; א מעלאדיע, וואס ווערט געזונגען פון איין פערזאן; א סא-לא; מאנאטאנקייט; איינטאניגקייט.

monœ'cian *a.* (מא-ניע'-שי-ען) ז. *monœcious*.

monœ'cious *a.* (מא-ניע'-שאס) אין בא-טאניק — וואס האט ביידע געשלעכטס-ארגאנען אויף איין און דערזעלביגער פלאנצע אין באזונדערע בלומען [דעם ווייבליכען ארגאן אין איין בלום און דעם מענליכען — אין א צווייטער]; אין זאא-לאגיע — הערמאפראדיטיש, דאפּעל-גע-שלעכטליך [ווענען חיות וואס האבען ביידע געשלעכטס-ארגאנען].

monœ'cism *n.* (מא-ניע'-סיזם) דאס האבען ביידע געשלעכטס-ארגאנען, דאס זיין א הערמאפראדיט אדער אנדרוגנס.

mon'ogam *n.* (מאנ'-א-גאם) א מאנאגא-גאמישע פלאנצע [א פלאנצע, וועלכע האט איינפאכע, אבגעזונדערטע בלומען אין צונויפגעוואקסענע שטויב-בייטלען].

monoga'mian *a.* (מאנ-א-גיי'-מי-ען) ז. *monogamous*.

monogam'ic *a.* (מאנ-א-געמ'-איק) ז. *monogamous*.

monog'amist *n.* (מא-נאג'-ע-מיסט) א מאנאגאמיסט, דער וואס גלויבט, אז מען טאר ניט חתונה האבען מעהר ווי איין מאל; דער וואס האט נור איין פרוי.

monogamis'tic *a.* (מאנ-א-גע-מיס'-טיק) ז. *monogamous*.

monog'amous *a.* (מא-נאג'-ע-מאס) מאנאגאמיש; וואס האט געהייראט נור איין מאל; וואס איז פערהייראט נור מיט איין פרויענצימער; וואס איז שייך צו מאנאגאמיע; אין זאאלאגיע — וואס לעבט נאר פּארווייז [א זכר מיט א נקבה]; אין באטאניק — וואס האט נור איין בלום, וואו ביידע געשלעכטס-ארגא-נען זיינען פעראייניגט.

monog'amy *n.* (מא-נאג'-ע-מי) מא-נאגאמיע, דער פּרינציפּ אז חתונה האבען דארף מען נור איין מאל אין לעבען; דאס האבען נור איין ווייב.

monogas'tric *a.* (מאנ-א-געס'-טריק) וואס האט איין מאגען אדער פערדייאונגס-אפּאראט.

monogen'esis *n.* (מאנ-א-דזשענ'-ע-סיס) מאנאגענעזיס, די איינהייט פון אב-שטאמונג; די לעהרע, אז אלע לעבעדיגע ארגאניזמען ענטוויקלען זיך פון איין איינ-צעלנער צעלע; דאס אבשטאמען אדער ענטשטעהען נור פון איין בעשעפעניש [אהן א געשלעכטליכער צוזאמענפּארונג פון א זכר מיט א נקבה].

monogenet'ic *a.* (מאנ-א-דזשי-נעט'-איק) מאנאגענעטיש, וואס האט אן איינ-הייטליכע אבשטאמונג; וואס איז שייך צו מאנאגענעזיס. ז. *monogenesis*.

monog'enism *n.* (מא-נאדזש'-ע-ניזם) מאנאגעניזם [די לעהרע, אז די גאנצע מענשהייט איז פון איין ראסע, ד. ה. שטאמט אב פון איין פּאר עלטערען].

monog'enist *n. and a.* (מא-נאדזש'-ע-ניסט) א מאנאגעניסט, איינער וועלכער האלט, אז אלע מענשען שטאמען ארויס פון איין פּאר עלטערען; איינער וועלכער האלט, אז יעדער לעבעדיגער ארגאניזם ענטוויקעלט זיך פון איין איינצעלנער צע-לע; וואס איז שייך צו מאנאגענזים אדער מאנאגעניזם. ז. *monogenesis* און *monogenism*.

monogenis'tic *a.* (מאנ-א-דזשע-ניס'-טיק) מאנאגעניסטיש; וואס איז שייך צו מאנאגענזים אדער מאנאגעניזם. ז. *monogenesis* און *monogenism*.

monog'enous *a.* (מא-נאדזש'-ע-נאס) אין ביאלאגיע — וואס פערמעהרען זיך דורך שפּאלטונג און טיילונג פון ארגא-ניזם און ניט דורך א געשלעכטליכען פער-קעהר פון א זכר מיט א נקבה; וואס איז שייך צו מאנאגעניזם. ז. *monogenism*.

monog'eny *n.* (מא-נאדזש'-ע-ני) מא-נאגעניזם אדער די אבשטאמונג פון אלע לעבעדיגע ארגאניזמען פון איין איינצעל-נער צעלע; מאנאגעניזם אדער די אב-שטאמונג פון אלע מענשען פון איין פּאר עלטערען.

mon'oglot *a.* (מאנ'-א-גלאט) וואס רעדט נור איין שפּראך; געשריבען אדער געדרוקט נור אין איין שפּראך.

monog'ony *n.* (מא-נאג'-א-ני) דאס פרוכפּערען זיך אהן געשלעכטליכער פּא-רונג דורך טיילונג, ספּארען א. ד. ג. [ביי די גאנץ נידריגע בעשעפענישען].

mon'ogram *n.* (מאנ'-א-גרעם) א מא-נאגראם [צוויי אדער מעהר בוכשטאבען פון א נאמען אדער פאמיליע צוזאמענגע-פלאכטען אין איינעם].

mon'ogram-machine' *n.* (מאנ'-א-גרעם-מע-שין') א מאשין אדער פּרעס אויסצודריקען אויף פּאפּיער א. ד. ג. מא-נאגראמען, איניציאלען א. ז. וו.

mon'ogrammal *a.* (מאנ'-א-גרעמ-על) ז. *monogrammatic*.

monogrammat'ic *a.* (מאנ-א-גרע-מעט'-איק) מאנאגראמיש, ווי א מאנא-גראם; וואס איז שייך צו א מאנאגראם. ז. *monogram*.

monogram'mic *a.* (מאנ-א-גרעמ'-איק) ז. *monogrammatic*.

mon'ograph *n. and v.* (מאנ'-א-גרעף) א מאנאגראפיע [א בעשרייבונג פון א בעשטימטען געגענשטאנד, אדער אן אב-האנדלונג איבער א געוויסען איינצעלנעם ענין]; אנשרייבען א מאנאגראפיע אי-בער א געוויסען געגענשטאנד.

monog'rapher *n.* (מא-נאג'-רע-פער) איינער וואס שרייבט אן א מאנאגראפיע ווענען א געוויסען ענין. ז. *monograph*.

monograph'ic *a.* (מאנ-א-גרעפ'-איק) מאנאגראפיש; וואס איז שייך צו א מא-נאגראפיע; ווי א מאנאגראם; וואס איז געצייכענט געווארען מיט ליניעס אהן קא-לירען.

monograph'ical *a.* (מאנ-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *monographic*.

monog'raphist *n.* (מא-נאג'-רע-פיסט) איינער וואס שרייבט מאנאגראפיעס. ז. *monograph*.

monog'raphous *a.* (מא-נאג'-רע-פאס) ז. *monographic*.

monog'raphy *n.* (מא-נאג'-רע-פי) א צייכנונג אין ליניעס אהן פארבען; א מאנאגראפיע. ז. *monograph*.

mon'ogyn *n.* (מאנ'-א-דזשין) א פלאנ-צע וואס האט איין פּיסטיל אדער ווייב-ליכען געשלעכטס-ארגאן.

Monogyn'ia *n.* (מאנ-א-דזשינ'-אי-א) אין באטאניק — די קלאסען פלאנצען, וועלכע האבען נור איין פּיסטיל אדער ווייבליכען געשלעכטס-ארגאן.

monog'ynous *a.* (מא-נאדזש'-אי-נאס) מאנאגיניש אדער מאנאגאמיש, וואס האט נור איין ווייב; וואס לעבט פּארלעכווייז [ווענען חיות]; וואס האט נור איין פּיס-טיל אדער ווייבליכען געשלעכטס-ארגאן [ווענען פלאנצען].

monog'yny *n.* (מא-נאדזש'-אי-ני) גע-שלעכטליכער פערקעהר מיט ניט מעהר ווי איין נקבה [ביי חיות אדער מענשען].

monohe'merous *a.* (מאנ-א-הי'-מע-ראס) אין מעדיצין — וואס דויערט אדער עקזיסטירט נור איין טאג.

monohy'drated *a.* (מאנ-א-האי'-דריי-טעד) וואס ענטהאלט נור איין מא-לעקול וואסער [ווענען געוויסע כעמישע פערבינדונגען].

monohy'dric *a.* (מאנ-א-האי'-דריק) וואס ענטהאלט איין אטאם וואסער-שטאף [ווענען געוויסע כעמישע פערבינדונגען].

monol'atry *n.* (מא-נאל'-ע-טרי) די פערעהרונג פון איין גאט, גלויבענדיג אין דערזעלבער צייט אין דער עקזיסטענץ פון אנדערע געטער.

mon'olith *n.* (מאנ'-א-ליטה) א מאנא-ליט [עפּעס וואס איז אויסגעהאקט פון איין איינציגען שטיין — א זייל, אן אבע-ליסק א. ד. ג.], אן איינצעלנער שטיין.

monolith'ic *a.* (מאנ-א-ליטה'-איק) מאנאליטיש [אויסגעהאקט פון איין שטיין]; פון מאנאליטען געבויט; וואס איז שייך צו א מאנאליט. ז. *monolith*.

monol'ogist *n.* (מא-נאל'-א-דזשיסט) וואס האלט א מאנאלאג אדער רעדט אליין פאר זיך; דער וואס מאנאפּאליזירט דעם שמועס און לאזט קיינעם ניט רעדען.

mon'ologue *n.* (מאנ'-א-לאג) א מא-נאלאג, א זעלבסט-געשפּרעך [דאס וואס א פערזאן אין א דראמא רעדט צו זיך אליין]; א לאנגע רעדע וואס איינער האלט אין א געשפּרעך מיט אנדערע.

monol'ogy *n.* (מא-נאל'-א-דזשי) די געוועהנהייט צו רעדען צו זיך; די גע-וועהנהייט צו רעדען לאנג אין א געזעל-שאפט און ניט לאזען קיין אנדערען אויס-רעדען א ווארט.

monoma'chia *n.* (מאנ-א-מיי'-קי-א) ז. *monomachy*.

monom'achy *n.* (מא-נאמ'-ע-קי) א דועל, א צוויי-קאמפּף.

mon'omane *n.* (מאנ'-א-מיין) איינער וואס ליידעט פון מאנאמאניע. ז. *monomania*.

monoma'nia *n.* (מאנ-א-מיי'-ני-א) מאנאמאניע, א משוגעת נאר פאר איין זאך [א משוגעת ווען דער קראנקער רעדט זיך איין עפּעס א זאך און זיין גאנצער ווילען אדער קראנקער גייסט איז קאנ-צענטרירט נור אויף איין ענין]; א מא-ניע.

monoma'niac *n. and a.* (מאנ-א-מיי'-ני-עק) איינער וואס ליידעט פון מאנא-מאניע; וואס איז שייך צו מאנאמאניע. ז. *monomania*.

monomani'acal *n.* (מאנ-א-מע-נאי'-ע-קעל) מאנאמאניש, וואס האט אן איינ-רעדעניש, א מאניע, א פיקסע אידעע.

mon'ome *n.* (מאנ'-אום) אין אלגע-ברא — א מאנאם, אן אלגעבראאישער אויס-דרוק פון איין גליעד אהן די צייכענס

+ אדער — [ווי למשל, דער אויסדרוק $4ax^2$].

monometal'lic *a.* (מאַנ-אָ-מע-טעל'-איק) מאָנאָמעטאַליש, וואָס בעשטעהט נור פון איין מעטאַל, גאָלד אדער זילבער [װעגען דער געלד־סיסטעם פון אַ לאַנד].

monomet'allism *n.* (מאַנ-אָ-מעט-על-איזם) מאָנאָמעטאַליזם [די לעהרע אַז איין מעטאַל, גאָלד אדער זילבער, דאַרף זיין די ווערטה־מאָס אין דער געלד־סיסטעם פון אַ לאַנד].

monomet'allist *n.* (מאַנ-אָ-מעט-על-איסט) אַ מאָנאָמעטאַליסט, אַן אנהענגער פון מאָנאָמעטאַליזם.
monometallism .ז

mono'mial *n. and a.* (מאָ-נאָ'-מי-על) אַ מאָנאָם; וואָס בעשטעהט פון אַ מאָנאָם.
monome .ז

monomor'phic *a.* (מאַנ-אָ-מאָר'-פיק) 1. פון דעמזעלבען אדער כמעט דעמזעלבען נעבוי [װעגען גרופּען פון חיות אדער פלאַנצען]; 2. וואָס האָט איין־איינצעלנע פאָרם פון נעבוי [װעגען אינזעקטען].
1. Birds are a highly monomorphic class of animals.

monomor'phous *a.* (מאַנ-אָ-מאָהר'-פאָס) .ז *monomorphic*

monop'athy *n.* (מאָ-נאָפּ'-ע-טהי) מאָנאָפּאַטיע, די קראַנקהייט פון אַן איינציגען אבר.

monopet'alous *a.* (מאַנ-אָ-פּעט'-ע-לאָס) אין באָטאַניק — וואָס האָט איין בלומען־בלעטעל, וואָס אַלע בלומען־בלעטלעך זיינען פעראייניגט.

monopho'bia *n.* (מאַנ-אָ-פאָו'-בי-אַ) מאָנאָפאָביע, אַ גייסטיגע קראַנקהייט, וועלכע בעדריקט זיך אויס אין מורא האָבען צו בלייבען אַליין.

mon'ophony *n.* (מאַנ'-אָ-פאָו-ני) אַ מאָנאָדיע. .ז *monody*

monophthal'mus *n.* (מאַנ-אָפ-טהעל'-מאָס) אַ פערזעהעניש, אַן אומנאַרמאַלע בעשעפעניש מיט איין אויג; אַ ציקלאָפּ.

mon'ophthong *n.* (מאַנ'-אָפ-טהאָנג) אַן איינפאַכער וואָקאַל־קלאַנג; אַ קאָמבינאַציאָן פון צוויי וואָקאַלען וואָס ווערען אויסגעשפּראָכען ווי איינער.

mon'ophthongal *a.* (מאַנ'-אָפ-טהאָנ-געל) מאָנאָפטאָנגיש [וואָס בעשטעהט פון איינפאַכע וואָקאַל־קלאַנגען אדער פון צוויי וואָקאַלען וואָס ווערען אויסגעשפּראָכען ווי איינער].

monophyl'lous *a.* (מאַנ-אָ-פיל'-אָס) אין באָטאַניק — וואָס האָט נור איין בלאַט; וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון איין בלאַט.

Monoph'ysite *n. and a.* (מאָ-נאָפ'-אי-סאַיט) אַ מאָנאָפיזיט, איינער פון אַן אַלטער קריסטליכער סעקטע מאָנאָפיזיטען, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז דאָס געטליכע און מענשליכע האָבען זיך אין יעזוס קריסטוס צוזאַמענגעגאָסען אין איין עצם; וואָס איז שייך צו די מאָנאָפיזיטען אדער צו זייערע לעהרען.

mon'oplane *n.* (מאָנ'-אָ-פּליין) אַ מאָנאָפּלאַן, אַ פליה־מאַשין מיט איין פלעכע אדער איין פּאָר פליגלען אין איין פלעכע.


Monoplane

mon'oplast *n.* (מאַנ'-אָ-פּלעסט) אַן אָרגאַניזם וואָס בעשטעהט פון איין איינציגער צעל.

monople'gia *n.* (מאַנ-אָ-פּלי'-דזשי-אַ) אַ פּאַראַליז אדער לעהמונג פון איין טייל פון קערפּער.

mon'opode *a. and n.* (מאַנ'-אָ-פּאָוד) וואָס האָט איין פוס; איינער פון די לעגענדאַרע מענשען אין עטיאָפּיען, וועלכע האָבען כלומרשט געהאַט נור איין פוס.

monopolisa'tion *n.* (מאָ-נאָפּ-אָ-לי-זיי'-שאָן) .ז *monopolization*

monop'olise *v.* (מאָ-נאָפּ'-אָ-לאַיז) .ז *monopolize*

monop'oliser *n.* (מאָ-נאָפּ'-אָ-לאַי-זער) אַ מאָנאָפּאָליסט. .ז *monopolist*

monop'olism *n.* (מאָ-נאָפּ'-אָ-ליזם) מאָנאָפּאָליזם, די פּרינציפּען און פּראַקטיק פון מאָנאָפּאָל. .ז *monopoly*

monop'olist *n.* (מאָ-נאָפּ'-אָ-ליסט) אַ מאָנאָפּאָליסט, איינער וואָס פערקויפט אין זיינע הענד אַ געוויסען צווייג פון אינדוסטריע, האַנדעל אדער אַנדערע אונטערנעהמונגען און האָט די אויסשליסליכע דעה איבער שטעלען די פּרייזען א. ד. ג.

monopolis'tic *a.* (מאָ-נאָפּ-אָ-ליס'-טיק) מאָנאָפּאָליסטיש; וואָס איז שייך צו מאָנאָפּאָל. .ז *monopoly*

monopoliza'tion *n.* (מאָ-נאָפּ-אָ-לי-זיי'-שאָן) די מאָנאָפּאָליזירונג פון אַן אינדוסטריע, געשעפט, אונטערנעהמונג א. ד. ג. .ז *monopolize*

monop'olize *v.* (מאָ-נאָפּ'-אָ-לאַיז) מאָנאָפּאָליזירען, בעקומען דאָס רעכט צו זיין דער איינציגער בעל־דעה איבער אַ געוויסען צווייג פון אינדוסטריע, האַנדעל אדער אַנדערע אונטערנעהמונגען.

monop'olizer *n.* (מאָ-נאָפּ'-אָ-לאַי-זער) אַ מאָנאָפּאָליסט. .ז *monopolist*

monop'oly *n.* (מאָ-נאָפּ'-אָ-לי) אַ מאָנאָפּאָל, די אויסשליסליכע קאָנטראָלע וואָס אַ פּערזאָן אדער גרופּע האָט איבער אַ געוויסען צווייג פון אינדוסטריע אדער האַנדעל און קען שטעלען די פּרייזען לויט זיין אייגענעם ווילקיר; דאָס וואָס ווערט געהאַלטען אין מאָנאָפּאָל; אַ גרופּע אדער קאָמפּאַניע, וואָס בעקומט אַ מאָנאָפּאָל איבער עפּעס.

monop'teral *a.* (מאָ-נאָפּ'-טע-רעל) מיט איין רייה זיילען [װעגען אַ גריכישען טעמפּעל מיט זיילען, וואָס זיינען איינגעאָרדנעט אין איין קרייז און שטיצען אַ קאָנישען דאַך]. .ז *monopteron*

monop'teron *n.* (מאָ-נאָפּ'-טע-ראָן) אַ רונדער טעמפּעל מיט זיילען, וואָס נעהען אין איין קרייז און שטיצען אַ קופּאָל אדער קאָנישען דאַך.

monop'teros *n.* (מאָ-נאָפּ'-טע-ראָס) .ז *monopteron*

mon'optote *n.* (מאַנ'-אָפּ-טאָוט) אין גראַמאַטיק — אַ הויפּט־וואָרט אדער אייגענשאַפטס־וואָרט וואָס האָט נור איין קאַזוס־פאָרם. .ז *case*

mon'opus *n.* (מאַנ'-אָ-פּאָס) אַ פערזעהעניש אדער אומנאַרמאַלע בעשעפעניש וואָס האָט נור איין פוס.

mon'orail *n.* (מאַנ'-אָ-רייל) אַן אייזענבאַהן מיט איין רעלסע אדער שינע.

monor'chid *a.* (מאָ-נאָהר'-קיד) וואָס האָט נור איין איי אדער יאַדרע.

monor'chis *n.* (מאָ-נאָהר'-קיס) אַ חיה אדער מענש וואָס האָט נור איין איי.

monor'chism *n.* (מאָ-נאָהר'-קיזם) מאָנאַרכיזם, דאָס האָבען נור איין איי.

Monorhi'na *n.* (מאַנ-אָ-ראַי'-נאַ) דער קלאַס ווירבעל־טהיערע [חיות וואָס האָבען אַ חוט השדרה], וועלכע האָבען איין נאָז־לאָך.

mon'orhinal *a.* (מאַנ'-אָ-ראַי-נעל) וואָס האָט נור איין נאָז־לאָך.

mon'orhine *a. and n.* (מאַנ'-אָ-רין) וואָס האָט נור איין נאָז־לאָך; אַ ווירבעל־טהיר וואָס האָט נור איין נאָז־לאָך [ווי נעוויסע פיש].

mon'orhyme *n.* (מאַנ'-אָ-ראַים) אַ געדיכט, וואָס אַלע שורות אין איהם ענדיגען זיך מיט דעמזעלבען גראַם.

mon'orime *n.* (מאַנ'-אָ-ראַים) .ז *monorhyme*

mon'ospasm *n.* (מאַנ'-אָ-ספּאַזם) אין מעדיצין — ספּאַזמען נור אין איין גליעד פון קערפּער אדער נור אין איין טייל פון אַ גליעד.

mon'osperm *n.* (מאַנ'-אָ-ספּוירם) אַ פלאַנצע וואָס האָט נור איין זאָמען־קערנדעל.

monosper'mal *a.* (מאַנ-אָ-ספּויר'-מעל) .ז *monospermous*

monosper'mous *a.* (מאַנ-אָ-ספּויר'-מאָס) אין באָטאַניק — וואָס האָט נור איין זאָמען־קערנדעל.

monospher'ical *a.* (מאַנ-אָ-ספער'-אי-קעל) מאָנאָספעריש, וואָס בעשטעהט פון איין ספערע אדער קוגעל.

mon'ospored *a.* (מאַנ'-אָ-ספּאָורד) .ז *monosporous*

mon'osporous *a.* (מאַנ'-אָ-ספּאָור-אָס) וואָס האָט נור איין ספּאָר אדער קיים־קערנדעל [אַזאַ מין צעלע וואָס ענטוויקעלט זיך ביי געוויסע פלאַנצען, ווי שוועמלעך א. ד. ג.].

monos'tachous *a.* (מאָ-נאָס'-טע-קאָס) וואָס האָט נור איין זאַנג [װעגען געוויסע גראָז־אַרטיגע פלאַנצען].

mon'ostich *n.* (מאַנ'-אָ-סטיק) אַ פערז; אַן עפּיגראַמע אדער פּאָעמע פון איין פערז, אַ געדיכט פון איין פערז.

monos'trophe *n.* (מאָ-נאָס'-טרא-פי) אַ מאָנאָסטראָפע, אַ געדיכט, וואו אַלע סטראָפען [יעדע 4 שורות וואָס גראַמען זיך] זיינען געשריעבען אויף איין אַרט.

monostroph'ic *a.* (מאַנ-אָ-סטראָפ'-איק) מאָנאָסטראָפיש, וואָס בעשטעהט פון סטראָפען געשריבען אויף איין אַרט [װעגען געדיכטע].

mon'ostyle *a.* (מאַנ'-אָ-סטאַיל) אין אַרכיטעקטור — וואָס האָט אדער וואָס איז געבויט אומעטום מיט איין סטיל.

mon'ostylous *a.* (מאַנ'-אָ-סטאַי-לאָס) אין באָטאַניק — וואָס האָט איין פּיסטיל אדער ווייבליכען געשלעכטס־אָרגאַן.

monosyllab'ic *a.* (מאַנ-אָ-סי-לעב'-איק) וואָס בעשטעהט פון איין זילבע [װעגען אַ וואָרט]; וואָס בעשטעהט פון איינזילביגע ווערטער.

monosyllab'ically *adv.* (מאַנ-אָ-סי-לעב'-אי-קעל-אי) געברויכענדיג איינזילביגע ווערטער.

monosyl'labism *n.* (מאַנ-אָ-סיל'-ע-ביזם) דאָס ברויכען איינזילביגע ווערטער; דאָס בעשטעהן פון איינזילביגע ווערטער.

mon'osyllable *n.* (מאַנ'-אָ-סיל-עבל) אַן איינזילביג וואָרט [צ. ב. ים, זוהן].

mono'ta *n.* (מאָ-נאָו'-טאַ) אַ וואָזע מיט איין הענטעל אדער אויערעל.

mon'otheism *n.* (מאַנ'-אָ-טהי-איזם) מאָנאָטעאיזם [דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט].

mon'otheist *n.* (מאָנ׳-אָ-טהי-איסט) אַ מאָנאָטעאיסט [איינער וואָס גלויבט אין איין איינציגען גאָט].

monotheis'tic *a.* -(מאָנ-אָ-טהי-איס) טיק) מאָנאָטעאיסטיש; וואָס איז שייך צו מאָנאָטעאיזם [דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט].

monothe'lious *a.* (מאָנ-אָ-טהי׳-לי-אָס) אין זאָאָלאָגיע — פּאָליאַנדריש [וואו עטליכע זכרים בעפּרוכטען איין נקבה].

Monoth'elite *n.* (מאָ-נאָטה׳-ע-לאַיט) אַ מאָנאָטהעליט, איינער פון אַ אַלטער קריסטליכער סעקטע מאָנאָטהעליטען, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז אין יעזוס קריסטוס עקזיסטירט נור איין ווילען, דער געטליכער, און ניט צוויי — דער געטליכער און מענשליכער.

monothet'ic *a.* (מאָנ-אָ-טהעט׳-איק) אין פילאָזאָפיע — וואָס אַנערקענט, אַז עס עקזיסטירט נור איין איינפאַכע סובסטאַנץ אַלס דער עצם אָדער יסוד פון יעדער ערשיינונג.

mon'otint *n.* (מאָנ׳-אָ-טינט) אַ צייכ־נונג, בילד אָדער דרוק אין איין פאַרב.

monot'ocous *a.* (מאָ-נאָט׳-אָ-קאָס) אין זאָאָלאָגיע — וואָס ברענגט אויף דער וועלט נור איין קינד מיט איין מאָל; אין באָטאַניק — וואָס ברענגט פרוכטען נור איין מאָל אין יאָהר.

mon'otone *n.* and *v.* (מאָנ׳-אָ-טאָון) מאָנאָטאָנקייט, איינאַרטיגקייט פון טאָן, פון שטימע אָדער פון סטיל; איינטאָניגקייט; רעדען מאָנאָטאָנע, איינאַרטיג, לאַנגוויילינ.

monoton'ic *a.* (מאָנ-אָ-טאָנ׳-איק) איינטאָניג; וואָס קען אַרויסברענגען נור איין טאָן [ווי אַ פּויק].

monoton'ical *a.* (מאָנ-אָ-טאָנ׳-אי-קעל) ז. *monotonic*.

monoton'ically *adv.* -(מאָנ-אָ-טאָנ׳) אי-קעל-אי) מאָנאָטאָניש; אויף אַן איינטאָניגען שטייגער.

monot'onist *n.* (מאָ-נאָט׳-אָ-ניסט) איינער וועלכער רעדט אָדער שרייבט שטענדיג וועגען איין זאַך.

monot'onous *a.* (מאָ-נאָט׳-אָ-נאָס) מאָנאָטאָנע, איינפאָרמיג, לאַנגווייליג.

monot'onously *adv.* -(מאָ-נאָט׳-אָ) נאָס-לי) אויף אַ מאָנאָטאָנעם, לאַנגווייליגען שטייגער.

monot'onousness *n.* -(מאָ-נאָט׳-אָ) נאָס-נעס) דאָס זיין מאָנאָטאָנע, איינאַרטיג, לאַנגווייליג.

monot'ony *n.* (מאָ-נאָט׳-אָ-ני) מאָנאָ־טאָנקייט, איינטאָניגקייט, איינפאָרמיג־קייט, לאַנגווייליגקייט.

monov'alent *a.* (מאָ-נאָוו׳-ע-לענט) אין כעמיע — מאָנאָוואַלענט אָדער איינ־ווערטיג; וואָס קען פערבייטען אין אַ כעמישער פערבינדונג איין אַטאָם וואַסער־שטאָף.

monox'id *n.* (מאָ-נאָק׳-סיד) אַ כעמי־שע צוזאַמענזעצונג, וואָס האָט איין אַטאָם זויערשטאָף.

monox'ide *n.* (מאָ-נאָק׳-סאַיד) ז. *monoxid*.

monox'ylon *n.* (מאָ-נאָק׳-סי-לאָן) אַ שיף וואָס איז געמאַכט פון איין קלאָץ; אין די יאַנישע אינזלען — אַ שיף וואָס ווערט געטריבען מיט איין רודער.

monox'ylous *a.* (מאָ-נאָק׳-סי-לאָס) געמאַכט פון איין שטיק האָלץ.

Monroe' doc'trine -(מאָנ-ראָו׳ דאָק׳) טרין) די מאָנראָע־דאָקטרין, אַ פּאָליטי־שער פּרינציפּ פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ, וועלכער איז פאָרמו־לירט געוואָרען פון דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט דזשיימס מאָנראָ [1817—1825 יאָהר] מיט די ווערטער "אַמעריקאַ פאַר אַמעריקאַנער". די בעדייטונג אָדער פאָדערונג פון דיעזען פּרינציפּ בעשטעהט אין דעם, אַז קיין אייראָפּעאישע רעגיע־רונג דאַרף זיך ניט אריינמישען אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון די אַמע־ריקאַנער מלוכות און אין די בעציהונגען צווישען זיי און טאָר ניט פערשפּרייטען איהר הערשאַפט אין אַמעריקאַ.

monsieur' *n.* (מוי-סיעי׳) מיין הערר; הערר; אַ פראַנצויז.

Monsieur' de Paris' דע (מוי-סיעי׳) פּאַ-רי׳) דער הערר פון פּאַריז [אַ נאָ־מען, מיט וועלכען מען פלעגט רופען דעם תליון פון פראַנקרייך].

monsi'gnor *n.* (מאָנ-סי׳-ניאָר) אַ טי־טול פון געוויסע העכערע גייסטליכע אין דער קאַטוילישער קירך.

monsoon' *n.* (מאָנ-סוהן׳) אַ מוסאָן, אַ ווינד, וועלכער בלאָזט אין די טראָפּי־שע לענדער, בעזאָנדערס אַרום די ברע־גען פון אָסט־אינדיען [איין האַלב יאָהר בלאָזט ער אין איין ריכטונג און דעם צווייטען האַלבען יאָהר — אין דער גע־גענזעצליכער ריכטונג].

monsoo'nal *a.* (מאָנ-סוה׳-נעל) וואָס איז שייך צו אַ מוסאָן. ז. *monsoon*.

mon'ster *n.* and *a.* (מאָנ׳-סטער) אַ מאָנסטער, אַ פערזעהעניש; אַ שרעקליכע בריאה; אַן אוננאַרמאַלע בעשעפעניש; אַ שרעקליך פערדאָרבענער מענש, אַן אומ־מענש; עפּעס וואָס איז אוננאַטירליך און שרעקליך; פון אַן אונגעהויערער גרויס אָדער צאָהל.

mon'sterer *n.* (מאָנ׳-סטער-ער) אַן איבערטרייבער; אַ בעל־מגזם.

mon'ster-like *a.* (מאָנ׳-סטער-לאַיק) ווי אַ מאָנסטער, שרעקליך, אונגעהויער.

mon'strance *n.* (מאָנ׳-סטרענס) אַ כלי אָדער אַ מין דורכזיכטיגער אָרון פאַר די הייליגע אין דער קאַטוילישער קירך.

monstra'tion *n.* (מאָנ-סטריי׳-שאָן) דאָס בעווייזען; אַ בעווייז.

mon'strator *n.* (מאָנ׳-סטריי-טאָר) איינער וואָס שטעלט עפּעס אַרויס; אַ אויס־נער וואָס בעווייזט.

monstros'ity *n.* (מאָנ-סטראָס׳-אי-טי) דאָס זיין אויסערגעוועהנליך אָדער שרעק־ליך; אַן אוננאַטירליכע בעשעפעניש; אַ מאָנסטער; אַ פערזעהעניש.

mon'strous *a.* (מאָנ׳-סטראָס) אוננאַ־טירליך; שרעקליך גרויס, אהן גלייכען צו זיך; העסליך, שרעקליך.

mon'strously *adv.* (מאָנ׳-סטראָס-לי) אויף אַן אוננאַטירליכען, אונגעהויערען שטייגער; מיאוס, שרעקליך.

mon'strousness *n.* (מאָנ׳-סטראָס-נעס) אונגעהויערקייט, שרעקליכקייט; אונגע־הויערע פערדאָרבענקייט.

Mont. [איי־ אַבקירצונג פון *Montana* נער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון נאָרד־אַמעריקאַ].

Montagnard' *n.* (מאָנ-טע-ניאַר׳) אַ מאָנטאַניאַר, איינער פון דער עקסטרעם ראַדיקאַלער פּאַרטיי אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציאָן; אַ מיטגליעד פון אַן עקסטרעם ראַ־דיקאַלער פּאַרטיי.

montagnard' *n.* (מאָנ-טע-ניאַר׳) אַ בערג־איינוואוינער.

mon'tane *a.* (מאָנ׳-טיין) בערגיג.

montan'ic *a.* (מאָנ-טענ׳-איק) בערגיג; וואָס בעשטעהט פון בערג.

mon'tant *n.* and *a.* (מאָנ׳-טענט) די מיטעלע ווערטיקאַלע לייסט פון אַ טהיר; אויפהייבענד.

mont'-de-piété' *n.* -(מאָנ׳-דע-פּי-איי) טיי׳) אַ לאָמבאַרד, אַ הויז וואו מען לייהט געלד אויף משכנות פאַר קליינע פּראָצענטען.

mon'te *n.* (מאָנ׳-טע) אַ וואַלדיגע גע־גענד; אַ געגענד מיט קוסטעס און שי־טערע בוימער; אַ מין קאָרטען־שפּיעל אין שפּאַניען און שפּאַניש־אַמעריקאַ.

montei'ro *n.* (מאָנ-טיי׳-ראָו) אַ מין יעגער־היטעל. ז. *montero*.

monteith' *n.* (מאָנ-טיטה׳) אַ רייך־פערציערטע זילבערנע וואַזע, אין וועלכער מען פלעגט מאַכען פּונש [זי פלעגט דיע־נען אויך צו אָבקיהלען אָדער אויסשוויי־קען די וויין־גלעזער]; אַ געפּאַרבטע ציצע־נע טיכעל מיט ווייסע פלעקען אָדער פּינטלעך.

monte'ro *n.* (מאָנ-טיי׳-ראָו) אַ יע־גער; אַ רייטער׳ס אָדער יעגער׳ס היטעל [אַ מין רונד היטעל מיט גרויסע לאַ־פּעז, וואָס מען קען אַראָבציהען אויף׳ן געזיכט].

monte'ro-cap *n.* (מאָנ-טיי׳-ראָו-קעפּ) אַ מין יעגער־היטעל. ז. *montero*

month *n.* (מאָנטה) אַ מאָנאַט, אַ חדש.

month'lies *n.* (מאָנטה׳-ליז) מענסטרוא־ציע, רעגעל, מאָנאַטליכע [ביי פרויען]; מאָנאַטליכע אויסגאַבען אָדער זשורנאַלען.

month'ly *a.*, *adv.* and *n.* (מאָנטה׳-לי) מאָנאַטליך; אַלע חודש; אַ מאָנאַטליכע אויסגאַבע, אַ מאָנאַטליכער זשורנאַל.

month'ly flow'ers -(מאָנטה׳-לי פלאַו׳) ערז) מענסטרואַציע, די מאָנאַטליכע ריי־ניגונג ביי פרויען.

month of Sun'days (מאָנטה אָוו סאָנ׳-דייז) לאַנג ווי דער גלות.

month's mind (מאָנטהס מאַינד) אין דער קאַטוילישער קירך — געוויסע תפילות וואָס מען זאָגט שטענדיג נאָך אַ געשטאָר־בענעם אין דעם ערשטען חדש נאָך זיין טויט; אַ שטאַרקער חשק אָדער נייגונג.

mon'ticle *n.* (מאָנ׳-טיקל) אַ קליין בערגעל.

montic'ulate *a.* (מאָנ-טיק׳-יו-לייט) בערגעלדיג; בעדעקט מיט בערגלעך.

mon'ticule *n.* (מאָנ׳-טי-קיול) אַ קליין בערגעל.

montic'ulous *a.* (מאָנ-טיק׳-יו-לאָס) ז. *monticulate*.

montig'enous *a.* (מאָנ-טידזש׳-ע-נאָס) געבאָרען אָדער ערצויגען אויף אַ בארג.

montoir' *n.* (מאָנ-טואַר׳) אַ נעשטעל, אויף וועלכען מען הויבט זיך אויף כדי צו זעצען זיך אויף אַ פערד.

mon'ton *n.* (מאָנ׳-טאָן) אַ מעקסיקאַנישע מאָס פאַר רויה־מעטאַל אָדער ערץ.

mon'ture *n.* (מאָנ׳-טשור) אַ נעשטעל, מיט דער הילף פון וועלכען מען זעצט זיך אויף אַ פערד; איינפאַסונג, איינזעצונג, איינראַהמונג.

mon'ument *n.* and *v.* (מאָנ׳-יו-מענט) אַ מאָנומענט, אַ דענקמאָל, אַ מצבה; אַ מאָנומענטאַלע זאַך [עטוואָס גרויסעס, אויסערגעוועהנליכעס וואָס בלייבט אין זכרון]; אַ שטיין אָדער אַן אַנדער זאַך וואָס בעצייכענט אַ גרענעץ פון אַ שטיק לאַנד; שטעלען אַ מאָנומענט; שאַפען אַ מאָנומענטאַלעס אָדער לאַנג־דויערענדעס ווערק.

monumen'tal *a.* and *n.* -(מאָנ-יו)

מענ'-טעל) מאנומענטאל; וואס בלייבט אין אנדערנקען; וואס דיענט פאר א מאָ-נומענט אדער מצבה; וואס איז ענליך צו א מאנומענט אדער דענקמאל; אויסער-געוועהנליך, גוזמא'דיג; אז אנדענקונג, א דענקמאל.

monumental'ity *n.* (מאנ-יו-מענ-טעל'-אי-טי) דאס זיין מאנומענטאל; דאס דיענען אלס מאנומענט אדער דענק-מאל.

monumentaliza'tion *n.* (מאנ-יו-מענ-טעל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען מאָ-נומענטאל אדער געדענקונגס-ווערטה.

monumen'tally *adv.* (מאנ-יו-מענ'-טעל-אי) לזכרון, צום אנדענקען; אין א הויכען גראד.

moo *n. and v.* (מוה) "מו", דאס מאכען "מו", דאס מעקען פון א קוה; מעקען, מוהען.

moo'-cow *n.* (מוה'-קאו) מו [א קינדער-שער נאמען פאר א קוה].

mood *n.* (מוהד) געמיטה, שטימונג, שלעכטע שטימונג; צוטראגענקייט; אין גראמאטיק — דער מאדוס [ז. *mode*]; דער טאָן-ארט.

moo'dily *adv.* (מוה'-די-לי) שלעכט געשטימט, מרה-שחורה'דיג, אנגעבלאזען, קאפריזנע.

moo'diness *n.* (מוה'-די-נעס) א שוועה-רער געמיטהס-צושטאנד, א שלעכטע שטי-מונג; קאפריזנעקייט, אנגעבלאזענקייט; מרה-שחורה.

moo'dish *a.* (מוה'-דיש) שלעכט גע-שטימט, קאפריזנע, אנגעבלאזען; מרה-שחורה'דיג.

The lady's temper is very moodish.

moo'dishly *adv.* (מוה'-דיש-לי) ז. *moodily*.

moo'dy *a.* (מוה'-די) שלעכט געשטימט, קאפריזנע, אנגעבלאזען, פערכמורעט, מע-לאנכאליש.

moon *n. and v.* (מוהן) די לבנה; א מאנאט; עטוואס וואס איז ענליך צו דער לבנה אדער צו א האלבער לבנה; די האלבע לבנה [אלס עמבלעם פון דער טער-קישער מלוכה]; די אקס-אויג-מארגאריט-קע [א מין מארגאריטקע אדער גענזענ-בלימעל. ז. *daisy*]; בעציערען מיט לבנות; ארומבלאנדזשען אדער אויסזעהען ווי א נאכט-וואנדלער.

moon'beam *n.* (מוהנ'-ביעם) א לבנה-שטראהל.

moon'-blind *a.* (מוהנ'-בלאינד) מיט א טונקעלער ראיה; וואס ליידעט פון דער ליכטיגער שטאר [ווען מען זעהט נור בייטאג אדער ביי א שטארקער שיין]; נאכט-וואנדלעריש.

moon'-blind'ness *n.* (מוהנ'-בלאינד-נעס) די ליכטיגע שטאר [ווען מען זעהט נור בייטאג אדער ביי א שטארקער שיין]; א פעריאדישע אויגען-ענטצינדונג ביי א פערד, וואס פיהרט געוועהנליך צו פאל-שטענדיגער בלינדקייט.

moon'-blink *n.* (מוהנ'-בלינק) א צייט-ווייליגע פערטונקעלונג פון דער ראיה אין טראפישע לענדער וואס קומט, ווי מען זאגט, דערפון וואס מען שלאפט אונבע-שיצט פון די לבנה-שטראהלען.

moon'-calf *n.* (מוהנ'-קאהף) א פער-זעהעניש, א מיאוסקייט; אן אבגעריסע-נער נאר; פאלשע שוואנגערשאפט [אן אנוואוקס אין דער געבעהר-מוטער, וואס רופט ארויס סימפטאמען פון שוואנגער-שאפט].

moon'-cree'per *n.* (מוהנ'-קריע'-פער) די לבנה-בלום [אזא מין טראפיש בלי-מעל וואס עפענט זיך ביינאכט].

moon'-dai'sy *n.* (מוהנ'-דיי'-זי) די אקס-אויג-מארגאריטקע [א מין מארגאריט-קע אדער גענזענבלימעל]. ז. *daisy*.

moon'-di'al *n.* (מוהנ'-דאי'-על) א לבנה-זייגער [וואס ציינט די צייט נאך דער לבנה].

mooned *a.* (מוהנד) ענליך צו דער לבנה; ווי א האלבע לבנה; בעציערט מיט לבנות; בעדעקט מיט לבנה-ענליכע פלעקען; סימבאליזירט, פארגעשטעלט דורך א לבנה; וואס טראגט די טערקישע מלוכה-עמבלעם [די האלבע לבנה].

moo'ner *n.* (מוה'-נער) א טרוימער, א פער'חלומ'טער, איינער וואס זעהט אויס ווי א נאכט-וואנדלער.

moo'net *n.* (מוה'-נעט) א קליינע לבנה.

moo'ney *a. and n.* (מוה'-ני) ז. *moony*.

moon'eye *n.* (מוהנ'-אי) פעריאדישע אויגען-ענטצינדונג ביי פערד וואס פיהרט געוועהנליך צו פאלשטענדיגער בלינדקייט; א מין אמעריקאנער טייך-פיש מיט שעה-נע זילבער-ווייסע שופען.

Mooneye

moon'eyed *a.* (מוהנ'-איד) וואס האט קיילעכדיגע, ארויסגעשטארצטע אויגען; וואס זעהט אויס שטארק איבערראשט; וואס ליידעט פון דער ליכטיגער שטאר [ווען מען זעהט נור בייטאג אדער ביי א שטארקער שיין]; וואס האט אוואלע פלעקען [וועגען געוויסע היהנער].

moon'-face *n.* (מוהנ'-פיים) א קיילעכ-דיג פנים.

moon'-faced *a.* (מוהנ'-פייסט) מיט א קיילעכדיגען פנים; מיט א שטראהלענדען שעהנעם פנים.

moon'-fern *n.* (מוהנ'-פוירן) דאס מאנד-גראז [אזא פארן אדער פאפא-ראטניק].

Moon-fern

moon'fish *n.* (מוהנ'-פיש) דער מאנד-פיש [א מין קורצער, פלאטשינער ים-פיש מיט זילבער-ווייסע אדער געלבליכע שו-פען].

moon'flaw *n.* (מוהנ'-פלאה) א קראנקהייט פערארזאכט פון דער לבנה-שיין; סאמנאמבוליזם, נאכט-וואנדלונג.

moon'-flow'er *n.* (מוהנ'-פלאו'-ער) די לבנה-בלום [אזא בלימעל פון די טראָ-פישע לענדער וואס עפענט זיך ביינאכט]; די אקס-אויג-מארגאריטקע. ז. *moon-daisy*.

moon'glade *n.* (מוהנ'-גלייד) די אָב-שפיגלונג פון דער לבנה אין וואסער.

moon'gus *n.* (מוהנ'-גאס) ז. *mongoos*.

moo'nish *a.* (מוה'-ניש) ווי די לבנה; וואקעלדיג, ניט-בעשטענדיג.

moon'-knife *n.* (מוהנ'-נאיף) א גע-בויגען מעסער וואס ווערט געברויכט צום אבשאבען דאס פלייש פון פעל.

moon'less *a.* (מוהנ'-לעס) אהן א לבנה, אהן לבנה-ליכט.

moon'light *n. and a.* (מוהנ'-לאיט) לבנה-שיין; בעלויכטען פון דער לבנה; וואס קומט פאר ביי דער שיין פון דער לבנה.

moon'-ligh'ted *a.* (מוהנ'-לאי'-טעד) בעלויכטען פון דער לבנה.

moon'lighter *n.* (מוהנ'-לאי-טער) איינער וואס טהוט פערבאטענע זאכען ביינאכט [הויפטזעכליך א קאנטראבאנ-דיסט אדער איינער וואס האלט א געהיי-מע ברייזעל]; א מיטגליעדער פון אן איר-לענדישער געהיימער ארגאניזאציאן וואס האט ארום יאהר 1880 טעראריזירט די גוטס-בעזיצער; איינער פון א קאמפאניע וואס געהט ארום ביינאכט שפיעלען סע-רענאדען.

moon'light flit'ting (מוהנ'-לאיט פליט'-אינג) דאס אבטראגען זיך בגנבה, כדי ניט צו צאהלען קיין חובות.

moon'lighting *n.* (מוהנ'-לאי-טינג) אגראריש טעראר אין אירלאנד; פער-באטענע געהיימע בעשעפטיגונג. ז. *moonlighter*.

moon'-lit *a.* (מוהנ'-ליט) בעגאסען מיט לבנה-שיין.

moon'-loved *a.* (מוהנ'-לאווד) געליעבט פון דער לבנה.

moon'-mad'ness *n.* (מוהנ'-מעד'-נעס) משוגעת וואס קומט, ווי מען גלויבט, דערפון וואס מען שלאפט אונבעשיצט פון די לבנה-שטראהלען.

moon'-month *n.* (מוהנ'-מאנטה) א לבנה-חודש [פון 28 אדער 29 טעג].

moon'-pen'ny *n.* (מוהנ'-פעני'-אי) ז. *moon-daisy*.

moon'-ra'ker *n.* (מוהנ'-ריי'-קער) א שוטה, אן אבגעריסענער נאר.

moon'-ra'king *n.* (מוהנ'-ריי'-קינג) דאס ארומטראגען זיך מיט נארישע אדער פוסטע פאנטאזיעס.

moon'rise *n.* (מוהנ'-ראיז) דער לבנה-אויפגאנג.

moons *n.* (מוהנז) ז. *moon-daisy*.

moon'seed *n.* (מוהנ'-סיעד) די לבנה-זאמען [אזא קלעטערענדע פלאנצע].

moon'set *n.* (מוהנ'-סעט) דער לבנה-אונטערגאנג.

moon'-shaped *a.* (מוהנ'-שייפט) לבנה-פערמיג, ווי א האלבע לבנה.

moon'shee *n.* (מוהנ'-שיע) א דאלמע-טשער, א שפראכען-לעהרער, א שפראכען-קענער [אין אינדיען].

moon'shine *n. and a.* (מוהנ'-שאין) לבנה-שיין; אונוויכטיגקייט; ניט-ווירק-ליכקייט; פוסטע פרעטענזיעס, פוסטער גלאנץ; קאנטראבאנדע-משקאות; פוסט, פאנטאסטיש, ניט ווירקליך, נאריש.

moon'shiner *n.* (מוהנ'-שאי-נער) א קאנטראבאנדיסט, איינער וואס מאכט בראנ-פען בסוד אהן אקציז; איינער וואס טהוט עטוואס נעגען געזעץ אונטער דעם שוץ פון דער נאכט.

moon'shining *n.* (מוהנ'-שאי-נינג) דאס מאכען בראנפען אין א געהיימען ברייזעל.

moon'shiny *a.* (מוהנ'-שאי-ני) 1. בע-

לויכטען פון דער לבנה; 2. פאנטאסטיש, ניט־ווירקליך, פוסט, זינלאז.

1. We met in the wood in a moonshiny night. 2. He has vague, moonshiny ideas.

moon'-sick *a.* (מוהנ'-סיק) משוגע; נאכט־וואנדלענד.

moon'stone *n.* (מוהנ'-סטאון) דער מאנדשטיין [אזא פעלדשפאט מיט א פערל־ווייסען אבגלאנץ, ווערט געברויכט פאר בעציערונגען].

moon'stricken *a.* (מוהנ'-סטריקן) ז. ***moonstruck***

moon'struck *a.* (מוהנ'-סטראק) פערבלענדעט, קראנק, משוגע [היפּעטזעכליך ווען עס ווערט אנגענומען, אז דאס איז געקומען פון דער ווירקונג פון דער לבנה].

moon'-tre'foil *n.* (מוהנ'-טריע'-פאיל) די מאנד־קליי [אזא אימער־גרינע איטאליעניש גארטען־פלאנצע].

moon'wort *n.* (מוהנ'-הוואירט) ז. ***moon-fern***

moo'ny *a. and n.* (מוה'-ני) 1. לבנה־עהנליך, עהנליך צו א האלבער לבנה; 2. עהנליך צו לבנה־שיין; בעלויכטען פון דער לבנה; 3. נאריש, תמ'וואטע; שכור; קרענקליך; א נאר.

2. Soft and pale is the moony beam. 3. A moony insipid boy.

moon'-year *n.* (מוהנ'-ייהר) דאס לבנה־יאהר. ז. ***lunar year***

moor *n. and v.* (מוהר) א פוסטע, ניט בעארבייטע געגענד; א בלאטיגער ארט; א פערצאמטער יאגד־פלאץ; פעראנקערונג אדער בעפעסטיגונג פון א שיף; בעפעסטיגען, פעראנקערען [א שיף].

Moor *n.* (מוהר) א מורין [איינער פון אן אראבער־ראסע אין נארד־אפריקא]; א שווארצער, א נעגער.

moor'age *n.* (מוהר'-עדזש) אן אנקער פלאץ [פאר שיפען].

moor'berry *n.* (מוהר'-בער-אי) א מאך־יאגדע, א ברוסניצע [אזא רויטליכע יאגדע וואס וואקסט אין מאכיגע ערטער]. ז. ***cranberry***

moor'-bred *a.* (מוהר'-ברעד) פראדוצירט אין בלאטיגע ערטער.

moor'-buz'zard *n.* (מוהר'-באז'-ארד) דער מארטינס־פויגעל [אזא רויב־פויגעל].

moor'-coal *n.* (מוהר'-קאול) ליגניט אדער ברוין־קויהלען. ז. ***lignite***

moor'-cock *n.* (מוהר'-קאק) דער זומפּ־האהן [אזא פויגעל]. ז. ***grouse***

moor'-coot *n.* (מוהר'-קוהט) די ענגלישע וואסער־הוהן [אזא פויגעל].

moored *a.* (מוהרד) פעראנקערט, בעפעסטיגט [ווענען א שיף].

Moor'ess *n.* (מוהר'-עס) א מורינישע פרוי, א מורין; א שווארצע, א נעגערטע. ז. ***Moor***

moor'-fowl *n.* (מוהר'-פאול) די וואסער־הוהן. ז. ***grouse***

moor'-game *n.* (מוהר'-גיים) די שאטלענדישע וואלד־הוהן. ז. ***grouse***

moor'-grass *n.* (מוהר'-גראס) דאס זעסלער־גראז [איז שטארק פערשפרייט אין די בערגיגע געגענדען פון אייראפא].

moor'-hawk *n.* (מוהר'-האהק) ז. ***moor-buzzard***

moor'-hen *n.* (מוהר'-העז) א וואסער־הוהן. ז. ***grouse***

moor'ing *n.* (מוהר'-אינג) דאס פעראנקערען, דאס צובינדען [א שיפעל מיט שטריק].

moor'ing-pall *n.* (מוהר'-אינג-פאהל) ז. ***mooring-post***

moor'ing-post *n.* (מוהר'-אינג-פאוסט) א סלופ צום צובינדען א שיף.

moor'ings *n.* (מוהר'-אינגז) די בעפעסטיגונגס־זאכען אויף א שיף [ווי אנקערס, שטריק, קייטען א. ז. וו.]; עטוואס וואס בעפעסטיגט און האלט צו.

moor'ish *a.* (מוהר'-איש) זומפיג, ווי אין א פוסטער, ניט־בעארבייטער געגענד; כאראקטערלאז; אונפרוכטבאר.

Moor'ish *a.* (מוהר'-איש) מוריניש, וואס איז שייך צו די מורינען. ז. ***Moor***

Moor'ish arch (מוהר'-איש ארטש) די מורינישע ארקע [אן ארקע וואס זעהט אויס ווי א פאדקאווע]. ז. ***Moorish art***

Moor'ish architec'ture (מוהר'-איש אר-קי-טעק'-טשור) די מורינישע בוי־קונסט. ז. ***Moorish art***

Moor'ish art (מוהר'-איש ארט) די מורינישע אדער סאראצינישע בוי־קונסט [ווי זי איז ענטוויקעלט געווארען אין נארד־אפריקא און אין שפאניען בעת דער מורינישער הערשאפט. צייכענט זיך אויס מיט די פאדקאווע־עהנליכע געוועלבען און מיט די פערציערונגען אין דער פארם פון פערשיעדענע געאמעטרישע פיגורען און פלאנצען].



Moorish Art

Moor'ish drum (מוהר'-איש דראם) א טאמבורין. ז. ***tambourine***

Moor'ish style (מוהר'-איש סטאיל) דער מורינישער בוי־סטיל. ז. ***Moorish art***

moor'land *n. and a.* (מוהר'-לענד) א בלאטיגע געגענד, א זומפּ־לאנד; א פערלאזענע, ניט־בעארבייטע געגענד; וואס איז שייך צו זומפּ־לאנד אדער ניט־בעארבייטען לאנד.

Moor'man *n.* (מוהר'-מען) א מורין. ז. ***Moor***

moor'stone *n.* (מוהר'-סטאון) דער ווייסער גראניט פון קארנוואל.

moor'uk *n.* (מוהר'-אק) דער ניי־ענגלענדער קאזואר [אזא גרויסער פויגעל, וועלכער געפינט זיך אין ניי־ענגלאנד].

moor'y *a.* (מוהר'-אי) בלאטיג, זומפיג, וואסערדיג.

moose *n.* (מוהס) דאס מוסטהיער [אזא גרויסער אמעריקאנישער הירש מיט גרויסע פלאכע הערנער].

Moose

moose'-call *n.* (מוהס'-קאהל) אזא טרומייט פון בירקענבוים־קארע [בעריאזעווע קארע], מיט וועלכען יעגער פערנארען מוסטהיערע [אמעריקאנישע גרויסע הירשען מיט פלאטשיגע הערנער].

moose'-deer *n.* (מוהס'-דיער) ז. ***moose***

moose'wood *n.* (מוהס'-הוואוד) דער פענסילווייניער אהארנבוים אדער קליאן; דאס לעדער־האלץ [אזא בוימעל פון נארד־אמעריקא מיט א זעהר הארטער קארע].

moose'-yard *n.* (מוהס'-יארד) א פלאץ אין וואלד וואו עס פיטערט זיך אום ווינטער א סטאדע מוסטהיערע [אזעלכע גרויסע אמעריקאנישע הירשען מיט פלאטשיגע הערנער].

moot *n., v. and a.* (מוהט) א פערזאמלונג; א פערזאמלונג פון פאלקס־פערטרעטער אדער א פאלקס־פערזאמלונג [אמאל אין ענגלאנד]; א פערזאמלונגס־פלאץ; א שטרייט, א ויכוח, א דעבאטע; א כלומר'שדיגער פראצעס געפיהרט פון סטודענטען פון יורי [צוליעב איבונגען]; ארגומענטירען, דעבאטירען, אריינברייננגען א שטרייט־פראגע; אנטייל נעהמען אין א כלומר'שדיגען פראצעס [פון סטודענטען]; שטרייטיג, וואס דארף אדער קען דעבאטירט ווערען; אונבעשטימט, אונבעשלאסען.

moo'table *a.* (מוה'-טעבל) וואס איז צום דיסקוטירען, ווענען וואס מען קען שטרייטען אדער האבען א ויכוח; אונבעשטימט, אונבעשלאסען.

moot'-case *n.* (מוהט'-קייס) א שטרייט־פראגע, א פונקט צום דעבאטירען; א כלומר'שדיגער געריכטס־פראצעס [צוליעב איבונגען פון סטודענטען פון יורי].

moot'-court *n.* (מוהט'-קאורט) א כלומר'שדיגער געריכט, פאר וועלכען די סטודענטען וואס לערנען יורי פיהרען פראצעסען און דיספוטירען.

moo'ter *n.* (מוה'-טער) א דעבאטאנט; א סטודענט פון יורי, וואס נעהמט אנטייל אין א כלומר'שדיגער געריכטס־פערהאנדלונג.

moot'-point *n.* (מוהט'-פאינט) א שטרייט־פונקט; א פונקט, וואס ווערט דעבאטירט.

The judge decided on this moot-point of law.

moot'-ques'tion *n.* (מוהט'-קהוועס-

טשאן) א שטרייט=פראגע, א פראגע צום דעבאטירען.

moo'ty *n.* (מוה'–טי) א מין קליינער פאלק אדער סאקאל [אזא פויגעל].

mop *n. and v.* (מאפ) א שמאטע [צום ווישען], א לאפען; א וואש=בעזים, א לאפען=בעזים; א גרימאסע; איינער וואס מאכט גרימאסען; א צופיעשטשעטע קינד; א יונג מיידעל, א ליאלקע; א נאר; מאכען א גרימאסע; ווישען מיט א לאפען אדער מיט א וואש=בעזים.

mop'board *n.* (מאפ'–באורד) א וואשברעט; א ברעט ביים אונטערשטען ברעג פון א וואנד.

mope *v. and n.* (מאופ) זיין אונאויפמערקזאם, ווי פערשלאפען, טעמפ, אומעטיג; מאכען אומעטיג; לאנגווייל̇ען, נודיען; איינער וואס איז ווי פערשלאפען, פערטעמפט, אונאויפמערקזאם אדער אומעטיג.

mope af'ter (מאופ עפ'–טער) בענקען נאך עפעס.

mope away' (מאופ ע–הוויי') אוועקפטר'ען די צייט אין אומעט אדער ווי פערשלאפען.

mope'-eyed *a.* (מאופ'–איד) קורצזיכטיג, וואס האט א שוואכע ראיה; נאריש.

mope for (מאופ פאר) בענקען נאך עפעס.

mope'ful *a.* (מאופ'–פול) ווי פערשלאפען; אומעטיג; נאריש, טעמפ.

mop'-head *n.* (מאפ'–העד) דער לאפען אויף א לאפען=בעזים; א קלאמער וואס האלט דעם לאפען אויף'ן שטעקען פון א לאפען=בעזים; א מענש מיט א צוקודעלטען קאפ.

mop'-head'ed *a.* (מאפ'–העד'–עד) מיט א צוקודעלטען קאפ.

mo'ping *n.* (מאו'–פינג) אומעטיגקייט; מעלאנכאליע.

mo'pingly *adv.* (מאו'–פינג–לי) מיט א טעמפען אדער פערשלאפענעם אויסזעהן; אומעטיג.

mo'pish *a.* (מאו'–פיש) פער'חוש'עמט, נאריש, פערשלאפען, טעמפ; אומעטיג.

mo'pishly *adv.* (מאו'–פיש–לי) ז. ***mopingly***

mo'pishness *n.* (מאו'–פיש–נעס) פערשלאפענהייט; אומעטיגקייט; טעמפקייט, דומהייט.

mop'pet *n.* (מאפ'–עט) א גרימאסע; א ליאלקע; א יונג מיידעל; א שויסהינטעל [א קליין הינטעל וואס מען האלט אויף'ן שוים].

mop'py *a.* (מאפ'–אי) שכור.

mops *n.* (מאפס) א מאפס [אזא הויזהינטעל].

mop'sey *n.* (מאפ'–סי) ז. ***mopsy***

mop'sical *a.* (מאפ'–סי–קעל) ז. ***mope-eyed***

mop'sy *n.* (מאפ'–סי) א יונג מיידעל; א ליאלקע.

mop'sy-eyed *a.* (מאפ'–סי–איד) ז. ***mope-eyed***

mo'pus *n.* (מאו'–פאס) איינער וואס איז ווי פערשלאפען, טעמפ אדער אומעטיג; געלד.

mo'pusses *n.* (מאו'–פאס–עז) געלד.

moquette' *n.* (מא–קעט') אזא טעפיך [דיוואז, קאוויאר].

mo'ra *n.* (מאו'–רא) אזא זיד=אמעריקאנישער בוים מיט הארטען האלץ, וואס ווערט געברויכט אלס בוי=מאטעריאל פאר שיפען; א שפיעל, אין וועלכער איינער פערבוינט שנעל איניגע פינגער אויף דער האנד און דער צווייטער דארף טרעפען די צאהל אויפגעבויגענע פינגער; אין געזעצגעבונג — אן אונבערעכטיגטע אבלעגונג אדער אבציהונג.

morai'nal *a.* (מא–ריי'–נעל) מארעניש, וואס איז שייך צו מארענע. ז. ***moraine***

moraine' *n. and a.* (מא–ריין') מארענע, די שטיינער און ערד ביי די ברעגעס פון א גלעטשער וואס ווערען מיטגעריסען מיט דעם אייז=שטראם. [ז. ***glacier***]; וואס איז שייך צו מארענע.

morai'nic *a.* (מא–ריי'–ניק) מארעניש, וואס איז שייך צו מארענע. ז. ***moraine***

mor'al *a. and n.* (מאר'–על) מאראליש, זיטליך; לויט'ן געוויסען; אנשטענדיג; פליכטמעסיג; וואס איז שייך צו אן איינערליכער איבערצייגונג אדער צו א וואהרשיינליכקייט, וואס איז א געוויסהייט לויט דער אינערליכער איבערצייגונג; וואס איז שייך צו מאראל [עטיק, זיטען=לעהרע]; גייסטיג; מאראל, עטיק [זיטען=לעהרע]; א מוסר השכל; זין, בעדייטונג; אן אלעגאריע, א משל; אן אלעגארישע דראמא; א געוויסהייט; א ריכטיגע קאפיע אדער עהנליכקייט.

mor'al cause (מאר'–על קאהז) איינער וואס ווירקט אויף אן אנדערען צו טהאן אדער ניט צו טהאן עפעס; א מאראלישער פרינציפ, א פראגע פון מאראל.

neu'tral salts (ניו'-טרעל סאהלטס) נייטראל-זאלצען, מיטעל-זאלצען [די זאלצען ביי וועלכע דער פּלאץ פון די וואסערשטאף אטאמען קענען פערנומען ווערען דורך זויערען און באזען].

neu'tral tint (ניו'-טרעל טינט) נייטראל-טינט [אן אונבעשטימטע בלוי-גרויע פארב]. ז. איל. *"Colors"*.

Nev. אבקירצונג פון *Nevada* [דער שטאאט נעוואדא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא].

nev'er *adv.* (נעוו'-ער) ניעמאלס, קיינמאל; דורכאויס ניט.

nev'er mind (נעוו'-ער מאינד) עס מאכט ניט אויס! עס שאדט ניט.

nev'ermore *adv.* (נעוו'-ער-מאור) מעהר קיין מאל ניט.

nev'ertheless' *c.* (נעוו'-ער-טהי-לעס') פון דעסטוועגען, דאך.

new *a.* and *adv.* (ניו) ניי; פריש; מאדערן; פרעמד, אונבעקאנט; נור-וואס; ניט לאנג צוריק.

new'-born *a.* (ניו'-באהרן) נור-וואס געבארען, ניי-געבארען.

new'-come *a.* and *n.* (ניו'-קאם) וואס איז נור-וואס אנגעקומען; איינער וואס איז נור-וואס אנגעקומען.

new'-com'er *n.* (ניו'-קאמ'-ער) דער ערשט-אנגעקומענער.

new'-create' *v.* (ניו'-קרי-אייט') בעשאפען אויפ'ס ניי.

new'el *n.* (ניו'-על) א טרעפּען-זייל, דער זייל ארום וועלכען עס דרעהט זיך א שווינדעל-טרעפּ [א געדרעהטער טרעפּ].

New Eng'land (ניו אינ'-גלענד) ניי-ענגלאנד [דער נארד-אסט טייל פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכער שליסט איין אין זיך זעקס שטאאטען: מיין, ניו העמפּשאיר, ווערמאנט, מאסאטשוזעטס, רהאד איילאנד און קאנעקטיקוט].

newfan'gle *a.* (ניו-פען'גל) וואס איז געניינט צו נייאינקייטען, וואס כאפּט זיך צו אלעס וואס איז ניי; אונבעשטענדיג.

newfan'gled *a.* (ניו-פען'גלד) ניי-אויסגעטראכט, ניי-מאדיש; וואס כאפּט זיך צו נייאינקייטען; אונבעשטענדיג.

newfan'gledly *adv.* (ניו-פען'גלד-לי) ניי-מאדיש; אויף א ניי-מאדישען אופן.

newfan'gledness *n.* (ניו-פען'גלד-נעס) ניי-מאדישקייט; נייאינקייט.

newfan'gleness *n.* (ניו-פען'גל-נעס) די נייגונג צו נייאינקייטען אדער צו ענדערונגען; אונבעשטענדיגקייט.

new'-fash'ioned *a.* (ניו'-פעש'-אנד) ניי-מאדיש.

new'-fledged *a.* (ניו'-פלעדזשד) בעדעקט מיט די ערשטע פעדערען; נור-וואס בעפעדערט; יונג.

Newfound'land *n.* (ניו-פאונד'-לענד) ניופאונדלאנד [אן אינזעל אין נארד-אמעריקא]; א ניופאונדלענדער; אדער ניופאונדלענדער הונד [אזא גרויסער, שטארקער הונד].

Newfound'land dog (ניו-פאונד'-לענד דאג) א ניופאונדלענדער הונד [אזא גרויסער שטארקער הונד].

new'ish *a.* (ניו'-איש) א ביסעל ניי, נייליך.

new'ly *adv.* (ניו'-לי) ניי, נור-וואס, פריש; אויפס-ניי.

new'market *n.* (ניו'-מאר-קעט) א רייט-מאנטעל; אזא לאנגער שטייפער פרויען-מאנטעל; אזא קארטען-שפּיעל.

New'market coat (ניו'-מאר-קעט קאוט) א רייט-מאנטעל; אזא לאנגער שטייפער פרויען-מאנטעל.

New-Mex'ican *a.* and *n.* (ניו-מעק'-סי-קען) ניו-מעקסיקאניש, וואס איז שייך צו ניו מעקסיקא [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אן איינוואוינער פון ניו מעקסיקא.

new'-mod'el *v.* (ניו'-מאד'-על) אויפס-ניי מאדעלירען, ניי-פארמירען; איבער-מאכען.

new moon (ניו מוהן) ניי-חודש, ניי-מאנד [אנהויב חודש].

new'ness *n.* (ניו'-נעס) פריש-נייקייט, נייקייט.

news *n.* and *v.* (ניוז) א נייעס; א נאכריכט; א נייאינקייט; א צייטונג; פערשפּרייטען קלאנגען.

news'-a'gent *n.* (ניוז'-איי'-דזשענט) א צייטונגס-אגענט, א צייטונגס-הענדלער.

news'boy *n.* (ניוז'-באי) א צייטונגס-פערקויפער, א אינגעל וואס פערקויפט צייטונגען.

news'-house *n.* (ניוז'-האוס) א קאנטאר, וואו מען גיט ארויס פעריאדישע שריפטען [צייטונגען און זשורנאלען].

news'less *a.* (ניוז'-לעס) אהן נייעס, אהן נאכריכטען.

news'man *n.* (ניוז'-מען) א צייטונגס-טרעגער, א צייטונגס-פערקויפער.

news'monger *n.* (ניוז'-מאנ-גער) איינער וואס האט ליעב צו דערצעהלען און הערען נייעס; א פּליאטקע-מאכער, א רכילות'ניק.

news'-pamph'let *n.* (ניוז'-פעמפ'-לעט) א נייעס-פּאמפלעט, א צופעליגע אויסגאבע צוליעב א געוויסער פּאסירונג.

news'paper *n.* (ניוז'-פּיי-פּער) א צייטונג.

news'paper-clamp *n.* (ניוז'-פּיי-פּער-קלעמפּ) ז. *newspaper-file*

news'paper-file *n.* (ניוז'-פּיי-פּער-פאיל) א פּאררימכטונג צו האלטען אדער אויפצוהעבען צייטונגען.

news'room *n.* (ניוז'-רוהם) א צייטונגס-לעזע-צימער.

new style (ניו סטאיל) די גרעגאריאנישע צייט-רעכונג. ז. *Gregorian calendar*

news'-ven'der *n.* (ניוז'-וועג'-דער) א צייטונגס-פערקויפער.

news'-wri'ter *n.* (ניוז'-ראי'-טער) א נייעס-שרייבער, א צייטונגס-שרייבער, א צייטונגס-קארעספּאנדענט.

new'sy *a.* (ניו'-זי) פול מיט נייעס; וואס האלט אין איין דערצעהלען נייעס אדער קלאנגען.

newt *n.* (ניוט) דער מאלך [א מין קליינע וואסער-יאשטשעריצע].

Newt

New Tes'tament (ניו טעס'-טע-מענט) דער נייער טעסטאמענט, די קריסטליכע תורה [ברית החדשה].

Newto'nian *a.* and *n.* (ניו-טאו'-ני-ען) ניוטאניש; וואס איז שייך צום ענגלישען מאטעמאטיקער און פיזיקער אייזאק ניוטאן [געבארען 1642, געשטארבען 1727]; אן אנהענגער פון ניוטאן'ס לעהרען.

Newto'nian philos'ophy (ניו-טאו'-ני-ען פי-לאס'-א-פי) די ניוטאנישע פילאזאפיע וועגען דער צוציהונגס-קראפט פון די הימלישע קערפּער, ניוטאן'ס גראוויטאציאנס-געזעץ. ז. *gravitation*

New World (ניו הוואירלד) די נייע וועלט [די וועסטליכע העלפט פון ערד-קוגעל, נארד און זיד-אמעריקא].

New'-year *n.* (ניו'-ייר) ניי-יאהר.

New'-year's day (ניו'-יירז דיי) דער ניי-יאהרס-טאג, דער ערשטער יאנואר.

New-Yor'ker *n.* (ניו-יאהר'-קער) א ניו יארקער [אן איינוואהנער פון דער שטאדט אדער פון דעם שטאאט ניו יארק].

nex'al *a.* (נעק'-סעל) וואס פיהרט צו פערשקלאפונג פאר חובות [אין פארצייטיגען רוים].

next *adv., prep. and a.* (נעקסט) נעכסט; אם נעכסטען, אם נאהנטסטען; וואס איז אם נאהנטסטען; שכנ'יש; וואס פאלגט באלד נאך עפּעס אדער אימעצען; וואס קומט, וואס פאלגט; וואס קומט נעכסט.

next door (נעקסט דאור) דאס דערביי-איגע הויז אדער וואהנונג.

next door to (נעקסט דאור טו) 1. אין שכנ'ישען הויז, אין דער שכנ'ישער קווארטיר; שכנ'יש; 2. זעהר נאהענט, כמעט דאסזעלבע.

1. We live next door to our friend. 2. The tumult was next door to a riot.

next friend (נעקסט פרענד) איינער וואס פיהרט א פּראצעס פון א ניט פולבערעכטיגטער פּערזאן [ווי למשל, פאר א קינד], ניט זייענדיג קיין אפיציעלער אפּעקון.

next-mor'ning head'ache (נעקסט-מאהר'-נינג העד'-אייק) קאצעניאמער;

דאס שלעכט־פיהלען וואס קומט אויף'ן צווייטען טאג נאך שכרות.

next'ness *n.* (נעקסט'-נעס) דאס זיין נעבסט. ז. *next*

next of kin (נעקסט אוו קין) דער נאהנטסטער קרוב [אלס בערעכטיגטער יורש].

next to (נעקסט טו) וואס גרענעצט זיך, זעהר נאהענט, כמעט דאסזעלבע.

next to noth'ing (נעקסט טו נאטה'-אינג) כמעט גארנים.
His profits this year are **next to nothing**.

next world (נעקסט וואירלד) יענע וועלט, עולם הבא.

nex'um *n.* (נעק'-סאם) אין פארצייטיגען רוים — א קאנטראקט, לויט וועלכען א בעל חוב, וואס קען נים בעצאהלען א חוב, ווערט פערוואנדעלט אין א שקלאף; א צערעמאניע ביים שליסען אזא קאנטראקט; פערשקלאפונג פאר חובות.

nex'us *n.* (נעק'-סאס) א באנד אדער פערבינדונג צווישען די מיטגליעדער פון א גרופע; אין פארצייטיגען רוים — איינער וואס האט זיך פערפליכטעט צו ווערען א שקלאף, אויב ער וועט נים קענען אבצאהלען זיינע חובות. ז. *nexum*

n. g. ראשי תבות פון *no good* אדער *no go*

N. G. ראשי תבות פון *National Guard*

N. H. ראשי תבות פון *New Hampshire* [ניו העמפשאיר, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

Niag'ara Falls (נאי-עג'-ע-רא פאהלז) דער ניאגארא וואסערפאל [דער בעריהמטער וואסערפאל אין נארד־אמעריקא, אויף'ן גרענעץ פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא און קאנאדא, געבילדעט פון טייך ניאגארא].

Niagara Falls

nib *n.* and *v.* (ניב) א שנאבעל; א שפיץ; א קליינע שרייב־פעדער [פען]; א קאפע־קערנדעל, א קאקאא־קערנדעל; צומאכען א שפיץ [ווי למשל, פון א פען].

nibbed *a.* (ניבד) מיט א שנאבעל; מיט א שפיץ.

nib'ble *v.* and *n.* (ניבל) גריזשען; איינבייסען [ווענען פיש]; א כאפ טהאן, אויסכאפען; כאפען און ארעסטירען; זיך טשעפען, זיך בינדען צו קליינינקייטען; דאס גריזשען; א שטיקעל, א ביס, א פעניץ.

nib'ble at the bait (ניבל עט טהי בייט) איינבייסען דעם ווארעם פון א ווענטקע; זיך לאזען כאפען אויף דער ווענטקע.

nib'bler *n.* (ניב'-לער) איינער וואס גריזשעט; א גריזשענר חיה'לע; איינער וואס טשעפעט זיך אדער בינדעט זיך צו קליינינקייטען.

nib'bling *n.* (ניב'-לינג) דאס גריזשען; דאס טשעפען זיך צו קליינינקייטען.

nib'blingly *adv.* (ניב'-לינג-לי) גריזשענדיג.

nib'lick *n.* (ניב'-ליק) א מין גאלף־שטעקען. ז. *golf*

niccol'ic *a.* (ני-קאל'-איק) פון ניקעל, וואס איז שייך צו ניקעל.

nic'colite *n.* (ניק'-א לאיט) קופער־ניקעל, ניקעלין.

nice *a.* (נאיס) פיין, שעהן; געשמאק, דעליקאט; צארט, אנגענעהם; געניי, פינקטליך; איבערקלייבעריש.

nice'ly *adv.* (נאיס'-לי) מיט פיינקייט, מיט געשמאק; אויף א דעליקאטען אדער צארטען אופן; מיט פינקטליכקייט.

Ni'cene *a.* (נאי'-סיען) וואס איז שייך צו ניצעא [ניקעא], א שטאדט אין קליין־אזיען, וואו עס זיינען פארגעקומען צוויי בעריהמטע קריסטליכע צוזאמענפאהרען [איינער אין יאהר 325, דער צווייטער אין יאהר 788], אויף וועלכע עס זיינען אנגענומען געווארען די הויפט פון די קריסטליכע דאגמאס; וואס איז שייך צו די קריסטליכע דאגמאס, וואס זיינען אויף דיעזע צוזאמענפאהרען אנגענומען געווארען.

Ni'cene coun'cil (נאי'-סיען קאונ'-סיל) דער ניצעאנישער [ניקעאנישער] צוזאמענפאהר. ז. *Nicene*

Ni'cene Creed (נאי'-סיען קריעד) די דאגמאס פון דער קריסטליכער רעליגיאן, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען אויף דעם ערשטען ניצעאישען [ניקעאנישען] צוזאמענפאהר. ז. *Nicene*

nice'ness *n.* (נאיס'-נעס) פיינקייט, שעהנקייט, דעליקאטנעקייט, צארטקייט, געשמאקקייט, איבערקלייבערישקייט, פינקטליכקייט, געשמאק.

Ni'cene Sym'bol (נאי'-סיען סימ'-באל) ז. *Nicene Creed*

ni'cety *n.* (נאי'-סע-טי) פיינקייט, שעהנקייט; צארטקייט; צערטליכקייט; געשמאק; עטוואס זעהר גוטעס אדער געשמאקעס; א זעלטענהייט.

niche *n.* and *v.* (ניטש) 1. א נישע, א פערטיעפונג [אין א וואנד]; 2. א לאגע, א פלאץ; 3. מאכען א נישע; ארייגשטעלען אין א נישע; געבען א פלאץ, ארייגשטעלען; פערבארגען.
2. His work fills a **niche** of its own.

nick *n.* and *v.* (ניק) אן איינשניט, א קארב; א חשבון, א צאהל; דער ריכטיגער פונקט, דער ריכטיגער מאמענט, דער קריטישער מאמענט; קארבען; צופאסען, פעראייניגען, צוזאמענבינדען; זיין פעהיג צו פעראייניגונג [ווענען מינים בהמות ביים פארען]; זיין צוגעפאסט, זיין גלייך.

Nick *n.* (ניק) דער טייפעל.

nick'el *n.*, *a.* and *v.* (ניק'-על) ניקעל [א מין מעטאל]; א ניקעל [א פינף־סענט שטיק אין אמעריקא]; געמאכט פון ניקעל; ניקעלירט, בעדעקט מיט ניקעל; ניקעלירען.

nick'elage *n.* (ניק'-על-איידזש) ניקעלירונג.

nick'elic *a.* (ניק'-על-איק) וואס איז שייך צו ניקעל, געמאכט פון ניקעל, וואס ענטהאלט ניקעל.

nickelif'erous *a.* (ניק-ע-ליפ'-ע-ראס) ניקעלדיג, וואס ענטהאלט ניקעל.

nick'eline *n.* (ניק'-על-אין) ניקעלין, קופער־ניקעל.

nick'elise *v.* (ניק'-על-איז) ז. *nickelize*

nick'elize *v.* (ניק'-על-איז) ניקעלירען, בעדעקען מיט ניקעל.

nick'el-pla'ted *a.* (ניק'-על-פליי'-טעד) ניקעלירט, בעדעקט מיט ניקעל.

nick'el-pla'ting *n.* (ניק'-על-פליי'-טינג) ניקעלירונג, דאס בעדעקען [מעטאל] מיט ניקעל.

nick'el-sil'ver *n.* (ניק'-על-סיל'-ווער) ניי־זילבער, דייטשעס זילבער.

nick'elure *n.* (ניק'-על-יור) ניקעלירונג.

nick'er *n.* and *v.* (ניק'-ער) א קארבער, אן איינשניידער; א האלז־פיקער אדער דיאמעל [אזא פויגעל]; דאס הירזשען [פון א פערד]; הירזשען.

nick'nack *n.* (ניק'-נעק) א שפיעלצייג, א קליינינקייט.

nick'nackery *n.* (ניק'-נעק-ער-אי) שפיעלצייג, קליינינקייטען.

nick'name *n.* and *v.* (ניק'-ניים) 1. א צונעמעניש; 2. א פערצויגענער נאמען, א צערטליכקייטס־נאמען; 3. געבען א צונעמעניש; אנרופען ניט מיט'ן ריכטיגען נאמען; אנרופען מיט א פערצויגענעם נאמען.
2. Bill and Will are **nicknames** for William.

nick of time (ניק אוו טאים) די ריכטיגע צייט, דער ריכטיגער מאמענט; דער קריטישער מאמענט.
The doctor arrived in the **nick of time** to save the life of the patient.

nico'tia *n.* (ני-קאו'-שיא) ניקאטין [טאבאק־גיפט, טאבאק־זאפט].

Nicotia'na *n.* (ני-קאו-שי-איי'-נא) די ניקאטין־פלאנצע, די טאבאק־פלאנצען.

nico'tianin *n.* (ני-קאו'-שי-ענ-אין) טאבאק־אויל [פון די טאבאק־בלעטער].

nicoti'na *n.* (ניק-א-טאי'-נא) ז. *nicotine*

nic'otine *n.* (ניק'-א-טין) ניקאטין [טאבאק־זאפט, טאבאק־גיפט].

nic'otined *a.* (ניק'-א-טינד) אנגעזאפט מיט ניקאטין, פערגיפטעט פון ניקאטין [טאבאק־גיפט].

nic'otinism *n.* (ניק'-א-טינ-איזם) די שעדליכע ווירקונג פון ניקאטין, די שעדליכע ווירקונג פון טאבאק־געברויך.

Nicotiana

nic'otinize *v.* (ניק'-א-טינ-איז) אנזאפען אדער אנזוינען מיט ניקאטין.

nic'tate *v.* (ניק'-טייט) בלינקען, ווינקען [מיט די אויגען].

nicta'tion *n.* (ניק-טיי'-שאן) דאס בלינקען, דאס ווינקען [מיט די אויגען].

nic'titans *n.* (ניק'-טי-טענז) דאס ווינקלעדעל אדער ווינק־הייטעל [אזא הייטעל אויף די ברעמען פון אויג ביי געוויסע פויגלען און חיות].

nic'titate *v.* (ניק'-טי-טייט) ווינקען.

nic'titating mem'brane (ניק'-טי-טייט-אינג מעמ'-בריין) דאס ווינק־הייטעל אדער דאס דריטע אויגען־לעדעל [ווי ביי געוויסע פויגלען און חיות].

nictita'tion *n.* (ניק-טי-טיי'-שאן) דאס ווינקען.

nidamen'tal *a.* (ניד-ע-מענ'-טעל) וואס דיענט אלס נעסט אדער שיידעל; וואס פערדעקט אדער בעשיצט דעם זאמען, דאס איי אדער דעם עמבריא פון אן אר־

גאניזם [ווי א נעסט איז דער פערדעקער אדער בעשיצער פון די אייער פון א פויגעל].

nidamen'tum *n.* (ניד-ע-מענ'-טאם) אן איינהילונג פון דעם איי אדער עמבריא פון אן ארגאניזם.

nid'dle-nod'dle *v. and a.* (ניד'ל-נאד'ל) לייכט שאקלען, צושאקלען [ווי איינער שאקעלט צו מיט'ן קאפ]; וואס וואקעלט זיך; וואס האט ניט קיין פעסטע מיינונג.

nidg'ing *a.* (נידזש'-אינג) אונבעדייטענד, אונוויכטיג.

nid'ificant *a.* (ניד'-אי-פי-קענט) וואס בויט א נעסט [ווי א פויגעל].

nid'ificate *v.* (ניד'-אי-פי-קייט) בויען נעסטען, מאכען נעסטען.

nidifica'tion *n.* (ניד-אי-פי-קיי'-שאן) דאס נעסטען, דאס מאכען א נעסט.

nid'ify *v.* (ניד'-אי-פאי) בויען א נעסט.

nid'nod *v.* (ניד'-נאד) האלטען אין איין שאקלען מיט'ן קאפ.

nidol'ogy *n.* (ני-דאל'-א-דזשי) דער טייל פון ארניטאלאגיע [לעהרע וועגען פויגלען], וואס בעהאנדעלט די פויגעל-נעסטען.

ni'dor *n.* (נאי'-דאר) א ריח, א גערוך ווי פון געקאכטען עסען.

nidoros'ity *n.* (נאי-דא-ראס'-אי-טי) דאס גרעפסען מיט דעם ריח פון פלייש, וואס האט זיך נאך ניט איבערגעקאכט אין מאגען.

ni'dorous *a.* (נאי'-דא-ראס) וואס האט א טוכלען גערוך, פויל.

ni'dose *a.* (נאי'-דאוס) שטינקענד; וואס לאזט ארויס א געשטאנק ווי פון צובערנטען פלייש, צופוילטע אייער א. ד. ג.

nid'ulant *a.* (ניד'-יו-לענט) וואס מאכט א נעסט; אין באטאניק — ליעגענד ווי א קערנדעל אין א שאלעכץ [לויז, אין אן אויסהוילונג].

nid'ulate *v. and a.* (ניד'-יו-לייט) בויען א נעסט; אין באטאניק — ליעגענד לויז, אין אן אויסהוילונג, ווי אין א נעסט [ווי א קערנדעל].

nidula'tion *n.* (ניד-יו-ליי'-שאן) דאס בויען א נעסט; די נעסט-צייט, בריהונג-צייט [די צייט וואס א פויגעל זיצט אין נעסט און בריהט אוים זיינע אייער].

ni'dus *n.* (נאי'-דאס) א נעסט; דאס זעקעלע וואס אן אינזעקט מאכט אויסצולעגען דארטען זיינע אייעלעך; א בריהונג-ארט [אן ארט וואו פויגלען בריהען אוים זייערע אייער].

niece *n.* (ניעס) א ניכטע, א פלימעניצע.

niel' *n. and v.* (ני-על') ז. *niello*

niel'lo *n. and v.* (ני-על'-או) דאס ניעלא [א שווארצע צייכנונג, וועלכע ווערט געמאכט אין זילבער אדער אנדער ווייסען מעטאל. די צייכנונג ווערט צוערשט אויסגעגראווירט און נאכהער אויסגעפילט מיט א געוויסער שווארצער מאסע. דיעזע ארבייט איז זעהר פערשפרייט אין רוסלאנד, ווי קאוקאזער זילבער א. ד. ג.]; בעציערען א מעטאלענע כלי מיט ניעלא.

niel'lure *n.* (ני-על'-יור) דאס בעציערען א מעטאלענע כלי מיט ניעלא. ז. *niello*

nig'gard *n. and a.* (ניג'-ארד) א קארגער מענש, א קמצן; קארג; גייציג.

nig'gardliness *n.* (ניג'-ארד-לי-נעס) קארגקייט.

nig'gardly *a. and adv.* (ניג'-ארד-לי) קארג, גייציג; אויף א גייציגען שטייגער; מעשה קארגער יונג.

nig'gardness *n.* (ניג'-ארד-נעס) ז. *niggardliness*

nig'ger *n. and v.* (ניג'-ער) א נעגער; איינער פון די אסט-אינדישע אדער אויסטראלישע ראסען; איינע פון פיעלע מעכאנישע פארריכטונגען [ווי דער טייל פון א זעג-מאשין, וועלכער שלעפט דעם קלאץ; א מין דאמפף-הויבעל, אויף וועלכען עס איז אנגעצויגען א קאנאט צו שלעפען א שיף א. ד. ג.]; די לארווע פון געוויסע פליעגען און זשוקלעך; נאך אמאל ברענען קלעצער, וועלכע זיינען פריהער נאך ניט אין גאנצען פערברענט געווארען; מאכען אונפרוכטבאר א שטיק לאנד דורך דעם וואס מען בעארבייט יאהר-איין יאהר-אוים אהן בעמיסטיגונג.

nig'gerdom *n.* (ניג'-ער-דאם) די נעגערס בכלל.

nig'gerish *a.* (ניג'-ער-איש) נעגריש; וואס איז שייך צו א נעגער.

nig'gerling *n.* (ניג'-ער-לינג) א קליינער נעגער.

nig'gle *v. and n.* (ניגל) מאכען שפאס; טרייבען קאטאוועס; אויסלאכען אימעצען; אבגעבען זיך צופיעל מיט אדער מקפיד זיין אויף קליינינגקייטען; דאס טענטלען, דאס קראקלען [דאס שרייבען מיט א שלעכטער האנדשריפט].

nig'gler *n.* (ניג'-לער) איינער וואס שפאסט אדער טרייבט קאטאוועס.

nig'gling *a. and n.* (ניג'-לינג) וואס גיט זיך אב צופיעל מיט אדער וואס איז מקפיד אויף קליינינגקייטען; איינער וואס מאכט אן א טומעל איבער קליינינגקייטען.

nigh *a., adv. and pr.* (נאי) נאהענט; כמעט [ז. *well nigh*]; וואס איז לינקס [וועגען א פערד].

nigh'ly *adv.* (נאי'-לי) ביינאהע, כמעט.

nigh'ness *n.* (נאי'-נעס) די נאהענטקייט.

night *n.* (נאיט) די נאכט; דער אווענד; גייסטיגע פינסטערניש, אונוויסענהייט; דאס זיין פערבארגען פון אויג אדער אונפערשטענדליך פאר'ן שכל; די פינסטערניש פון טויט, דער קבר; פינסטערע אדער טרויעריגע צייטען; די עלטער, די צייט פון אלטקייט.

night'-bird *n.* (נאיט'-בוירד) א נאכט-פויגעל [א פויגעל וואס פליהט אדער זינגט נור ביי נאכט].

night'-blind'ness *n.* (נאיט'-בלאינד'-נעס) היהנער-בלינדקייט [א מין אויגען-קראנקהייט, ביי וועלכער דער מענש, וואס זעהט גוט ביי טאג, קען גאר נישט זעהן ביי נאכט און בכלל ווען עס איז פינסטערער].

night'-born *a.* (נאיט'-באהרן) געבארען ביי נאכט; וואס איז פראדוצירט אדער ענטשטאנען אין דער פינסטער.

night'-braw'ler *n.* (נאיט'-בראה'-לער) א בויאן וואס מאכט אן טומעל און געשלעג ביי נאכט.

night'-breeze *n.* (נאיט'-בריעז) א לייכט ווינטעל, וואס בלאזט ביי נאכט.

night'-but'terfly *n.* (נאיט'-באט'-ער-פלאי) א נאכט-שמעטערלינג [א זומער-פויגעלע אדער באבעלע, וואס פליהט אום ביי נאכט].

night'cap *n.* (נאיט'-קעפ) א נאכט-מיץ, א מיץ וואס מען טהוט אן ביי נאכט אויף'ן קאפ און מען שלאפט אין איהם; א טרונק בראנפען פאר'ן שלאף; דער זאק וואס מען טהוט אן אויף'ן קאפ פון א מענשען וואס איז פעראורטיילט צום טויט בעת מען הענגט איהם.

night'-cart *n.* (נאיט'-קארט) א נאכט-וואגען, אן אבטרעט-וואגען [א וואגען אויף וועלכען מען פיהרט ביי נאכט די אויסגעראמטע שמוץ פון די אבטרעטען].

night'-chair *n.* (נאיט'-טשעהר) ז. *night-stool*

night'-churr *n.* (נאיט'-טשויר) ז. *night-jar*

night'-clothes *n.* (נאיט'-קלאוטהז) שלאף-קליידער, א שלאף-העמד.

night'-cloud *n.* (נאיט'-קלאוד) א געוויסע פארם פון וואלקען, וועלכע ערשיינען געוועהנליך נאך'ן זונען-אונטערגאנג און האלטען זיך אפט א גאנצע נאכט ביז'ן זונען-אויפגאנג.

night court (נאיט קאורט) א נאכט-געריכט [א געריכט וואס האלט אב זיינע זיצונגען ביי נאכט].

night'-crow *n.* (נאיט'-קראו) א מין קראהע אדער וואראנע וואס קראקעט ביי נאכט.

night'-dew *n.* (נאיט'-דיו) אבענד-טהוי, נאכט-טהוי.

night'-dress *n.* (נאיט'-דרעס) א נאכט-קלייד [א שלאף-העמד].

nigh'ted *a.* (נאי'-טעד) אריין אין דער נאכט; פערשפעטיגט.

night'-eyed *a.* (נאיט'-איד) וואס האט אויגען, וועלכע זעהען גוט ביי נאכט; שארפזיכטיג.

night'fall *n.* (נאיט'-פאהל) דאס אנקומען פון נאכט; דער אבענד.

night'-far'ing *n.* (נאיט'-פעהר'-אינג) דאס פאהרען ביי נאכט; א נאכט-רייזע.

night'-fire *n.* (נאיט'-פאיר) דאס איר-ליכט [א ליכטיגקייט וואס בעווייזט זיך ביי נאכט איבער זומפיגע ערטער]; א פייער וואס ברענט ביי נאכט.

night'-fly *n.* (נאיט'-פלאי) א נאכט-פליעג [אן אינזעקט וואס פליהט ביי נאכט].

night'-foe *n.* (נאיט'-פאו) א נאכט-פיינד [איינער וואס פאלט אן ביי נאכט].

night'-foun'dered *a.* (נאיט'-פאונ'-דערד) פערלארען, פעראונגליקט ביינאכט [וועגען א שיף].

night'-glass *n.* (נאיט'-גלעס) א נאכט-גלאז [א מין טעלעסקאפ וואס איז געמאכט אזוי, דאס ער קאנצענטרירט אין זיך וואס מעהר ליכט און צוליעב דעם קען מען זעהן דורך איהם ביי נאכט].

night'gown *n.* (נאיט'-גאון) א פרויען-נאכט-קלייד, א פרויען-נאכט-העמד; א שלאף-ראק.

night'-hag *n.* (נאיט'-העג) א נאכט-צויבערין, א נאכט-מכשפה.

night'-hawk *n.* (נאיט'-האהק) א פויגעל פון דעם מין ציעגען-מעלקער [ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען און פליהט ארום אין אבענד אדער אין כמורנע טעג]. ז. *goatsucker*

Night-hawk

night'-her'on *n.* (נאיט'-הער'-אן) א

מין זומפ=פויגעל וואס איז עהנליך צו א צאפליע [פליהט ארום ביי נאכט און לאזט ארויס שטארקע שרייענדע קולות].

Night-heron

night'-house *n.* (נאיט'-האוס) א רעסטאראן אדער גארקיך וואס איז אפען די גאנצע נאכט.

nigh'tingale *n.* (נאי'-טין-גייל) די נאכטיגאל [א בעוואוסט קליין, גרוי זינגפויגעלע, וואס זינגט אין די פריהלינגס און זומער=אבענדען]; א מין פלאנעלענער קאפטעל, וואס ווערט בענוצט פון קראנקע.

Nightingale

nigh'tish *a.* (נאי'-טיש) נעכטליך, וואס געהערט צו נאכט.

night'-jar *n.* (נאיט'-דזשאר) א פויגעל פון דעם מין ציעגען=מעלקער וואס ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען און פליהט אום ביי נאכט. ז. *goatsucker*.

night'-key *n.* (נאיט'-קיע) א נאכטשליסעל [צו עפענען א טהיר וואס עפענט זיך פון דרויסען מיט א שליסעל און פון אינוועניג מיט א קנאפ אדער קליאמקע]. ז. *night-latch*.

night'-latch *n.* (נאיט'-לעטש) א טהירשלאס וואס עפענט זיך פון דרויסען מיט א שליסעל און פון אינוועניג מיט א קנאפ.

night'less *a.* (נאיט'-לעס) נאכטלאז, וואס האט נים קיין נאכט [ווי די געוויסע פעריאדען אין די ארקטישע געגענדען, ווען די זון שיינט עטליכע מעת=לעת נאכאנאנד].

night'-light *n.* (נאיט'-לאיט) א נאכטליכט, א ליכט אדער לאמפ וואס ברענט די גאנצע נאכט; א פאספארישע ים=אינפוזאריע [אזא מיקראסקאפישע בעשעפעניש, וואס גיט ארויס א פאספארישען שיין].

night'-long *a.* (נאיט'-לאהנג) וואס דויערט די גאנצע נאכט.

night'ly *a. and adv.* (נאיט'-לי) נעכטליך; ביי נאכט; אלע נאכט.

night'-mag'istrate *n.* (נאיט'-מעדזש'-איס-טרייט) א פאליציסט אדער וועכטער וואס שטעהט אויף דער וואך ביי נאכט.

night'-man *n.* (נאיט'-מען) א רייניגער פון מיסט=גרובען און וואטערקלאזעטען, וועלכער טהוט זיין ארבייט מייסטענס ביי נאכט; א נאכט=וועכטער.

night'mare *n.* (נאיט'-מעהר) א שד וואס שטיקט ביי נאכט אין חלום; א קאשמאר, זעהר א שווערער און אונרוהיגער שלאף מיט שוידערליכע חלומות.

night'marish *a.* (נאיט'-מעהר-איש) ווי א שד וואס שטיקט ביי נאכט אין חלום; ווי א קאשמאר. ז. *nightmare*.

night'-pal'sy *n.* (נאיט'-פאהל'-זי) דאס אבחלש'ען פון די הענד און פיס מייסטענס ביי נאכט [א שוואכקייט וואס טרעפט זיך ביי פרויען אין דער צייט ווען ביי זיי ענדיגט זיך די מענסטרואציע אדער מאנאטליכע בלוט=רייניגונג].

night'-piece *n.* (נאיט'-פיעס) א בילד אדער ליטערארישע פערפאסונג, וואס שטעלט פאר א נאכט=סצענע.

night'-ra'ven *n.* (נאיט'-ריי'-ווען) ז. *night-crow*.

night'-robe *n.* (נאיט'-ראוב) ז. *nightgown*.

night'-school *n.* (נאיט'-סקוהל) א נאכט=שוהל [בעזאנדערס פאר די, וועלכע קענען זיך נים לערנען ביי טאג].

night'shade *n.* (נאיט'-שייד) דער נאכטשאטען [א מין פלאנצע. פערשיעדענע מינים פון דיעזער פלאנצע האבען פערשיעדענע נעמען, ווי: ביטער=זים (ז. *bittersweet*), בינזעל=קרויט (ז. *henbane*) אדער בעלאדאנא (ז. *belladonna*)].

night'-shirt *n.* (נאיט'-שוירט) א שלאףהעמד, א נאכט=העמד.

night'-shoot *n.* (נאיט'-שוהט) אן ארט וואוהין מען פיהרט ארוים מיסט אדער שמוץ.

night'-side *n.* (נאיט'-סאיד) די פינסטערע, טונקעלע, געהיימע אדער פערבארגענע זייט פון עפעס.

night'-sight *n.** (נאיט'-סאיט) ז. *night-blindness*.

night'-sing'er *n.* (נאיט'-סינג'-ער) א פויגעל וואס זינגט ביי נאכט, ווי דער נאכטיגאל.

night'-soil *n.* (נאיט'-סאיל) דער טינוף אדער צאה פון א בית=הכסא [אלס בעמיסטיגונג].

night'-spell *n.* (נאיט'-ספעל) א לחש אדער שפרוך געגען ביינאכטיגע נים=גוטע אדער שדים.

night'-stool *n.* (נאיט'-סטוהל) א נאכטשטול וואס ווערט געברויכט אין א שלאףצימער.

night'-sweat *n.* (נאיט'-סהוועט) דאס צופיעל שוויצען ביי נאכט [ווי ביי שווינדזוכט].

night'-time *n.* (נאיט'-טאים) די נאכטצייט.

night'-vi'sion *n.* (נאיט'-וויזש'-אן) א נאכט=ערשיינונג [אזוי ווי א חלום, פאנטאזיע, בעזאנדערס א נביאה]; די פעהיגקייט צו זעהן גוט ביי נאכט אדער אין א טונקעלען שיין.

night'-wa'ker *n.* (נאיט'-הוויי'-קער) א נאכט=וועכטער.

night'-wa'king *a.* (נאיט' הוויי'-קינג) וואס וואכט ביי נאכט.

night'-walk *n.* (נאיט'-הוואהק) א נאכטשפאציער.

night'-wal'ker *n.* (נאיט'-הוואה'-קער) איינער וואס געהט ארום אין שלאף, א סאמנאמבוליסט; איינער וואס טרייבט זיך ארום ביי נאכט מיט פערברעכערישע צוועקען; א גאסען=פרוי, א פראסטיטוטקע וואס געהט ארום ביי נאכט.

night'-wal'king *n. and a.* (נאיט'-הוואה'-קינג) דאס ארומגעהן אין שלאף, סאמנאמבוליזם; דאס ארומשלעפען זיך ביי נאכט מיט פערברעכערישע צוועקען.

night'ward *a.* (נאיט'-הווארד) וואס ציהט זיך. אריין אין דער נאכט אריין; וואס קומט פאר אין אבענד.

night'wards *adv.* (נאיט'-הווארדז) צו דער נאכט צו.

night'-watch *n.* (נאיט'-הוואטש) א נאכט=וואך.

night'-watch'er *n.* (נאיט'-הוואטש'-ער) איינער וואס קוקט אויף עפעס אויס ביי נאכט; איינער וואס לויערט ביי נאכט [מיט פערברעכערישע צוועקען].

night'-watch'man *n.* (נאיט'-הוואטש'-מען) א נאכט=וועכטער.

night'-witch *n.* (נאיט'-הוויטש) א נאכט=צויבערין, א נאכט=מכשפה.

night'-work *n.* (נאיט'-הוואירק) נאכטארבייט.

nigres'cence *n.* (נאי-גרעס'-ענס) דאס ווערען שווארץ.

nigres'cent *a.* (נאי-גרעס'-ענט) שווארצליך; עטוואס שווארץ.

nigrifica'tion *n.* (ניג-רי-פי-קיי'-שאן) דאס מאכען שווארץ.

ni'grin *n.* (נאי'-גרין) ז. *nigrine*.

ni'grine *n.* (נאי'-גרין) דאס ניגרין [א מין מינעראל].

nig'ritude *n.* (ניג'-רי-טיוד) שווארצקייט.

ni'hil *n.* (נאי'-היל) גארנישט.

nihil'ianism *n.* (נאי-היל'-יען-איזם) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע, — די לעהרע, אז יעזוס קריסטוס איז קיין מאל נים געווען מענשליך.

ni'hilism *n.* (נאי'-היל-איזם) דער ניהיליזם, דאס אבלייקענען די היסטארישע יסודות פון מאדערנעם לעבען, ווי רעליגיאן, פאמיליע, מאראל א. ד. ג.; אין פילאזאפיע — די לעהרע, אז קיין זאך האט נים קיין רעאלע ווירקליכקייט און דעריבער קען מען וועגען דעם עצם פון די זאכען גארנישט וויסען; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די לעהרע, אז יעזוס קריסטוס איז קיינמאל קיין מענש נים געווען; אין רוסלאנד — די סאציאלרעוואלוציאנערע בעוועגונג פון די 60=גער און 70=גער יאהרען פון 19טען יאהרהונדערט.

ni'hilist *n.* (נאי'-היל-איסט) איינער וואס גלויבט אין גארנישט; א ניהיליסט [א רוסישער קעמפפער פאר פאליטישער פרייהייט]; אן אנהענגער פון ניהיליזם [אין פילאזאפישען אדער טעאלאגישען זינען]. ז. *nihilism*.

nihilis'tic *a.* (נאי-הי-ליס'-טיק) ניהיליסטיש; וואס איז שייך צו ניהיליזם. ז. *nihilism*.

nihil'ity *n.* (נאי-היל'-אי-טי) די גארנישטקייט, די ניכטיגקייט.

Ni'ke *n.* (נאי'-קי) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — ניקע, די געטין פון נצחון [געווען פארגעשטעלט אלס א יונגע פרוי מיט גרויסע פליגלען, מיט א פאלם=צווייג אין איין האנד און מיט א לארבער=קראנץ אין דער אנדערער].

nil *n.* (ניל) גארנישט; אין מוזיק — זעהר א קורצער, כמעט אונבעמערקבארער אינטערוואל [אז איין=און=פופציגסטעל טייל פון א האלבען טאן].

nil'gau *n.* (ניל'-גאה) א גרויסע בלויגרויע אסט-אינדישע אנטילאפע, ביי וועלכער די פאדערשטע פיס זיינען פיעל לענגער איידער די הינטערשטע.

Nilgau

nil'ghau *n.* (ניל'-גאה) ז. *nilgau*

nim *v.* (נים) לאטכענען, גנב'ענען, אונגעזעצליך פערכאפען.

nimb *n.* (נימב) א נימבוס אדער שטראהלען-קראנץ. ז. *nimbus*

nimbed *a.* (נימבד) ארומגערינגעלט מיט א נימבוס אדער שטראהלען-קראנץ. ז. *nimbus*

nimbif'erous *a.* (נים-ביפ'-ע-ראס) וואס ברייננט וואלקענס, רעגען אדער שטורם.

nim'ble *a.* (נימבל) פלינק, שנעל, לעבעדיג.

nim'ble-fin'gered *a.* (נימ'בל-פינ'-גערד) וואס ארבייט פלינק מיט די פינגער; גנב'יש, ווי א גנב.

nim'ble-fin'gered gen'try (נימ'בל-פינ'-גערד דזשענ'-טרי) ביימעל-שניידער; גנבים.

nim'ble-foot'ed *a.* (נימ'בל-פוט'-עד) פלינק אויף די פיס; שנעל לויפענד.

nim'bleness *n.* (נימ'בל-נעס) שנעלקייט, פלינקייט, לעבעדיגקייט.

nim'ble-wit'ted *a.* (נימ'בל-הוויט'-עד) מיט א שארפען מח; מיט א שנעלער תפיסה.

nim'bly *adv.* (נימ'-בלי) אויף א פלינקען, שנעלען אדער לעבעדיגען אופן.

nim'bus *n.* (נימ'-באס) א רעגען-וואלקען; אין מאלעריי און סקולפטור — דער נימבוס אדער הייליגער שטראהלען-קראנץ [א שטראהלען-קראנץ ארום דעם קאפ פון א הייליגען אויף די קריסטליכע בילדער].

nim'iny-pim'iny *a. and n.* (נימ'-אי-ני-פימ'-אי-ני) ציערליך-מאניערליך; ציערליכקייט, פיינקייט.

nin'compoop *n.* (נינ'-קאמ-פוהפ) א שוטה, א נאר; א גראבער קאפ.

nine *a. and n.* (נאין) ניין; די צאהל אדער דער ציפער ניין; א נײנטעל; די גרופע פון ניין שפיעלער אין א בייסבאל-שפיעל.

nine days' won'der (נאין דייז הוואנ'-דער) א ניין-טאגיגער וואונדער; א סענסאציע וועגען וועלכער מען רעדט א קורצע צייט; א שוואכער אדער אויפגעבלאזענער סקאנדאל.

nine'fold *a.* (נאינ'-פאולד) ניינפאך, וואס איז ניין מאל אזוי פיעל.

nine'-holes *n.* (נאינ'-האולז) א שפיעל, ביי וועלכען מען מאכט ניין גריבלעך אין א ברעט אדער אין דער ערד און מען קייקעלט אין זיי א באל.

Nine Mu'ses (נאין מיו'-זעז) די ניין מוזען אדער געטינען פון פאעזיע, קונסט און וויסענשאפט לויט דער אלט-גריכישער מיטאלאגיע [1) קאליאפא — פאעזיע; 2) אויטערפא — מוזיק; 3) טערפסיכארא — טאנצען און כאר-געזאנג; 4) עראטא — לירישע פאעזיע; 5) טאליא — קאמעדיע; 6) מעלפאמענא — טראגעדיע; 7) פאליגימניא — רעליגיעזער געזאנג; 8) קליא — געשיכטע; און 9) אוראניא — אסטראנאמיע].

nine'pegs *n.* (נאינ'-פעגז) ז. *ninepins*

nine'pence *n.* (נאינ'-פענס) אן אלט-אירלענדער שילינג וואס האט געהאט דעם ווערטה פון ניין ענגלישע פענעס; אן אלטער שפאנישער רעאל אין דעם ווערטה פון 12½ סענט, וואס איז געווען גאנגבאר אין די פעראייניגטע שטאאטען ביז דעם בירגער-קריעג.

nine'pins *n.* (נאינ'-פינז) קעגעל-שפיעל; די ניין פלעקלעך פון א קעגעל-שפיעל.

nine'teen' *a. and n.* (נאינ'-טיען') נײנצעהן; די צאהל נײנצעהן.

nine'teenth' *a. and n.* (נאינ'-טיענטה') וואס איז דער נײנצעהנטער; וואס איז א נײנצעהנטעל; נײנצעהנטער; א נײנצעהנטעל.

nine'tieth *a. and n.* (נאינ'-טי-עטה) וואס איז דער ניינציגסטער; וואס איז א ניינציגסטעל; דער ניינציגסטער; א ניינציגסטעל.

nine'ty *a. and n.* (נאינ'-טי) ניינציג; די צאהל ניינציג.

nin'ny *n.* (נינ'-אי) א שוטה; א נאר, א דומקאפ, א פראסטאק.

nin'nyhammer *n.* (נינ'-אי-העמ-ער) ז. *ninny*

nin'nyhammering *n.* (נינ'-אי-העמ-ער-אינג) נארישקייט, שטות.

ninth *a. and n.* (נאינטה) וואס איז דער נײנטער; וואס איז א נײנטעל; דער נײנטער; א נײנטעל; אין מוזיק — א געוויסער אינטערוואל צווישען צוויי טענער.

ninth'ly *adv.* (נאינטה'-לי) זייענדיג דער נײנטער.

ninth part of a man (נאינטה פארט אוו ע מען) א שניידער [פון דעם הומאריסטישען שפריכווארט, אז ניין שניידער בילדען אוים איין מענשען].

Ni'obe *n.* (נאי'-א-בי) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — ניאבע, די פרוי פון טהעבישען קעניג אמפיאן, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען אין א שטיין, פון וועלכען עס טריפען טרעהרען, ווייל אפאלאן און דעמעטער האבען דער'הרג'עט אלע איהרע קינדער; אין זאאלאגיע — א מין ראקעס; א מין מאלוסקען; א מין אפריקאנישע פויגלען, וועלכע מאכען זייערע נעסטען ווי אויסגעוועבטע זעקלעך.

Niobe'an *a.* (נאי-א-בי'-ען) וואס איז שייך אדער וואס איז ענליך צו ניאבע. ז. *Niobe*

nio'bic *a.* (נאי-או'-ביק) וואס איז שייך צו ניאביאום. ז. *niobium*

nio'bium *n.* (נאי-או'-בי-אם) דאס ניאביום [א מין מעטאל פון א גרויען גלאנציגען קאליר, וואס געפינט זיך אין צוויי זעלטענע מינעראלען — קאלומביט און טאנטאליט. האט ניט קיין פראקטישע בעדייטונג].

nio'po-tree *n.* (ני-או'-פאו-טריע) א מין סטרוטשקע-בוים פון די הייסע לענדער פון אמעריקא [די איינוואהנער פון די דארטיגע לענדער מאכען פון די זאט פון דיעזען בוימעל א מין שנופף-פולווער ווי שמעק-טאבאק].

nip *v. and n.* (ניפ) קנייפען, שטשיפען; צונויפדריקען, צוקוועטשען; שטארק אנריהרען; בייסען, שניידען; שטעכען [מיט ווערטער]; צושעדיגען עפעס [ווי דורך א פראסט], פערדארבען; פערניכטען; אבקנייפען, אבבייסען; נעהמען א טרונק בראנפען; דאס קנייפען; דאס קוועטשען; דאס אבשטשיפען; דאס אבבייסען עפעס; א ברען, א שטאך [ווי פון פראסט]; א טרונק בראנפען.

nip and tuck (ניפ ענד טאק)ביידע גלייך [א פאל ווען צוויי וועט-לויפער געפינען זיך הארט איינער נעבען אנדערען און איינער דעם צווייטען יאגט ניט אריבער].

nip'cheese *n.* (ניפ'-טשיעז) א קארגער; א קמצן.

niphablep'sia *n.* (ניפ-ע-בלעפ'-סי-א) שנעע-בלינדקייט [א שווינדלונג אין די אויגען וואס קומט פון דעם אבגלאנץ פון דער זון אויף'ן שנעע].

niphotyphlo'sis *n.* (ניפ-א-טאי-פלאו'-סיס) ז. *niphablepsia*

nip in the bud (ניפ אין טהי באד) טויטען אין דער ערשטער ענטוויקלונגס-שטופע; צושטערען איידער עס ענטוויקעלט זיך.

The conspiracy was **nipped in the bud.**

nip off (ניפ אף) אבקנייפען; אבבייסען.

nip'per *n.* (ניפ'-ער) א קנייפער; איינער אדער עפעס וואס קנייפט אדער בייסט אב; א קלעשנע [ווי ביי א ראק]; א מין פיש; א קליינער טרונק בראנפען; א פאדערשטער צאהן פון א פערד; איינער פון פערשיעדענע קנייפ-אינסטרומענטען, וואס האבען די פארם פון צוועגנלעך.

nip'perkin *n.* (ניפ'-ער-קין) א קליינע מאס ביער אדער ליקער.

nip'pers *n.* (ניפ'-ערז) צוועגנלעך; יעדער אינסטרומענט וואס האט די פארם פון א צוועגנעל.



Nippers

nip'pingly *adv.* (ניפ'-אינג-לי) סארקאסטיש, בייסענד, שטעכענד, מיט בייסענדען אדער שטעכענדען שפאט.

nip'ple *n. and v.* (ניפל) א ברוסט-ווארצעל, א ברוסט-נאפעל; א סאסקע; יעדע זאך וואס שטארצט ארוים ווי א ברוסט-ווארצעל [ווי די קנאפקע פון א ביקס, די סאסקע פון א זויג-פלעשעל א. ד. ג.]; צוגעבען א סאסקע; בעדעקען מיט ארויסשטארצונגען אדער בערגלעך וואס זיינען ענליך צו ברוסט-ווארצלען.

nip'ple-shield *n.* (ניפ'ל-שיעלד) א מין דעקעל מיט וועלכען א זויגעדיגע פרוי בעדעקט דעם ברוסט-ווארצעל.

nip'plewort *n.* (ניפ'ל-הווארט) א מין גראז, וואס מען פלעגט בענוצען צו היילען בעשעדיגטע ברוסט-ווארצלען.

nip'py *a.* (ניפ'-אי) בייסענד, שארף, שטארק [אין טעם]; בייסענד, שטעכעדיג, קריעגעריש [אין די בעציהונגען].

nirles *n.* (נוירלז) א מין הויט=קראנקהייט; לישייעס.

nirls *n.* (נוירלז) ז. *nirles*

Nirva'na *n.* (ניר-וואַ'-נאַ) אין בודיזם — נירוואנא, א צושטאנד פון פאלשטענדיגער גייסטיגער רוה, ווען דער מענש האט ניט קיין שום פערלאנגען, געפיהלען און געדאנקען [לויט די לעהרען פון בודא בעשטעהט דאס לעבען פון יסורים און פיין און דער מענש דארף שטרעבען צו טויטען אין זיך אלע געפיהלען און ליידענשאפטען און שטרעבען צו נירוואנא].

Ni'san *n.* (נאַי'-סען) דער חודש ניסן.

ni'si pri'us (נאַי'-סאַי פּראַי'-אַס) אין געריכטס=פיהרונג — א צושריפט, וואס ווערט געשיקט צו א שעריף צו ברייננגען די געריכטס=געשווארענע צום געריכט.

nit *n.* (ניט) א לויז=ניסעל [אן אייעלע פון א לויז און פון אנדערע עהנליכע אינזעקטען].

ni'ter *n.* (נאַי'-טער) סעליטרע אדער סאלפעטער=זויער=זאלץ [א ווייס כעמיש זאלץ, וואס קריסטאליזירט זיך אין דער פארם פון לאנגע זעקס=קאנטיגע פריזמען. דיענט אלס איינער פון די הויפט מאטעריאלען אין דער פראדוקציאן פון שיספולווער און פון פערשיעדענע אנדערע כעמישע פראדוקטען. ווערט אויך בענוצט אין מעדיצין].

ni'tery *a.* (נאַי'-טער-אי) סעליטריש; וואס פראדוצירט סאלפעטער=זויער=זאלץ. ז. *niter*

niths'dale *n.* (ניטהס'-דייל) א קאפּושאן אויף א מאנטעל, וואס קען פערדעקען אויך דאס פנים.

nitidiflo'rous *a.* (ניט-אי-די-פלאָו'-ראַס) וואס האט גלאנציגע אדער שיינענדע בלומען.

nitidifo'lious *a.* (ניט-אי-די-פאָו'-לי-אַס) מיט גלאנציגע, שיינענדע אדער פאלירטע בלעטער.

ni'trate *n.* (נאַי'-טרייט) ניטראט אדער סאלפעטער=זויער=זאלץ [א כעמיש זאלץ, וואס ווערט זעהר לייכט פאנאנדערגעלאזען אין וואסער און ווערט פיעל געברויכט אין דער פראדוקציאן פון פערשיעדענע כעמישע ארטיקלען].

ni'trate of potas'sium (נאַי'-טרייט אָוו פּאַ-טעס'-אי-אַם) ז. *niter*

ni'trate of sil'ver (נאַי'-טרייט אָוו סיל'-ווער) דער העלען=שטיין. ז. *lunar caustic*

ni'trate of so'dium (נאַי'-טרייט אָוו סאָו'-די-אַם) דאס סאלפעטער=זויערע נאטראן [א מין סעליטרע=זאלץ וואס געפינט זיך אין גרויסע מאסען אין טשילי, דרום=אמעריקא. ווערט בענוצט צו בעמיסטיגען פעלדער און אין דער פראדוקציאן פון געוויסע כעמישע ארטיקלען].

ni'tre *n.* (נאַי'-טער) סעליטרע, סאלפעטער. ז. *niter*

ni'triary *n.* (נאַי'-טרי-ע-רי) א סעליטרע אדער סאלפעטער=גרוב [דער ארט וואו מען ארבייט אויס סעליטרע].

ni'tric *a.* (נאַי'-טריק) פון סעליטרע; סאלפעטעריש.

ni'tric ac'id (נאַי'-טריק עס'-איד) סאלפעטער=זויערע [א כעמישער שטאף, וואס בעקומט זיך דורך דיסטילירען סעליטרע מיט פאספאר=זויערע. אין דיעזען שטאף קענען פאנאנדערגעלאזען ווערען אלע מעטאלען אויסער גאלד און פלאטין. ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן פון פערשיעדענע פארבען, פון פּיראקסילין, ניטראגליצערין און פיעלע אנדערע כעמישע מאטעריאלען].

nitrifica'tion *n.* (נאַי-טרי-פי-קיי'-שאַן) ניטריפיקאציאן [די פערוואנדלונג פון שטיק=שטאף, וואס געפינט זיך אין בארדען, אין דער פארם פון ניטראטען, ווי סעליטרע, סאלפעטער=זויערע א. ד. ג., וועלכע דיענען אלס נאהרונגס=שטאף פאר פלאנצען].

ni'trify *v.* (נאַי'-טרי-פאַי) פערוואנדלען אין סאלפעטער אדער סעליטרע.

ni'trite *n.* (נאַי'-טראַיט) א זאלץ פון סעליטרע=זויערע.

ni'trogen *n.* (נאַי'-טראָ-דזשען) ניטראגען אדער שטיק=שטאף [א כעמישער גרונד=עלעמענט וועלכער בעשטעהט פון גאז וואס האט ניט קיין קאליר, קיין טעם און קיין ריח, און איז איינער פון די הויפט עלעמענטען פון לופט. ווערט פערוואנדעלט אין א פליסיגקייט אונטער זעהר א שטארקען דרוק און אין זעהר א שטארקער קעלט].

nitrog'enize *v.* (נאַי-טראָדזש'-ע-נאַיז) אין כעמיע — פעראייניגען א געוויסע זאך אדער עלעמענט מיט ניטראגען אדער שטיק=שטאף.

nitrog'enous *a.* (נאַי-טראָדזש'-ע-נאַס) ניטראגעניש; וואס איז שייך צו ניטראגען אדער שטיק=שטאף. ז. *nitrogen*

nitroglyc'erin *n.* (נאַי-טראָ-גליס'-ע-רין) ניטראגליצערין, א פליסיגקייט וואס עקספּלאדירט מיט זעהר א שטארקער קראפט [איינער פון די הויפט עלעמענטען פון דינאמיט].

nitro'leum *n.* (נאַי-טראָו'-לי-אַם) ז. *nitroglycerin*

ni'trous *a.* (נאַי'-טראַס) סעליטריש, סאלפעטריש. ז. *niter*

ni'try *a.* (נאַי'-טרי) ז. *nitrous*

nit'ty *a.* (ניט'-אי) וואס האט פיעל לויזניסלעך [אייעלעך פון אינזעקטען=פאראזיטע, ווי לייז א. ד. ג.]; גנידעדיג, לייזיג.

ni'val *a.* (נאַי'-וועל) וואס איז שייך צו שנעע; וואס וואקסט אדער בליהט אונטער שנעע [ווי געוויסע ווינטער=פלאנצען].

ni'veous *a.* (נאַי'-ווי-אַס) שנעעאיג; ווי שנעע.

Nivôse' *n.* (ני-וואוז') דער פיערטער חודש פון דעם פראנצויזישען רעוואלוציאנערען קאלענדאר [אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן 1793—4 יאהר].

nix *n.* (ניקס) גארנישט; ניכטס; א בריעף אדער פּאקעט וואס ווערט געשיקט דורך פּאסט אין אן ארט וואו עס איז ניטא קיין פּאסט=קאנטאר; אין דער אלט=דייטשער מיטאלאגיע — א וואסער=גייסט אדער וואסער=גאט.

nix'ie *n.* (ניק'-סי) אין דער אלט=דייטשער מיטאלאגיע — א וואסער=גייסט. ז. *nix*

nix'y *n.* (ניק'-סי) ז. *nixie*

N. J. ראשי תבות פון *New Jersey* [ניו דזשוירזי, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד=אמעריקא].

N. Mex. אבקירצונג פון *New Mexico* [ניו מעקסיקא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארד=אמעריקא].

N. N. E. ראשי תבות פון די ווערטער *north-northeast*

N. N. W. ראשי תבות פון די ווערטער *north-northwest*

no *adv., a. and n.* (נאָו) ניין; ניט; קיין; פערניינונג, דאסווארט "ניין"; א שטימע אויף ניין; א שווארצע גאלקע; איינער וואס שטימט געגען אדער אויף ניין.

No. אבקירצונג פון לאטיינישען ווארט *numero*, ווערט געברויכט פאר'ן ווארט *number* [נומער].

no'-account' *a.* (נאָו'-ע-קאַונט') ווערטהלאז, אונווירדיג.

Noa'chian *a.* (נאָ-איי'-קי-ען) וואס איז שייך צו נח'ען.

Noach'ic *a.* (נאָ-עק'-איק) ז. *Noachian*

Noach'ic Laws (נאָ-עק'-איק לאָהז) די שבע מצוות בני נח [די יעניגע מצוות, וועלכע ניט=אידען זיינען געווען מחויב אבצוהיטען, ווען זיי האבען געוואהנט צווישען אידען אין פאלעסטינא, ווי עבודה זרה, שפיכת דמים, אבר מן החי א. ז. וו.].

No'achid *n.* (נאָו'-ע-קיד) איינער פון די בני נח.

No'ah's ark (נאָו'-עז ארק) נח'ס תבה; א קינדער=שפּיעלכעל וואס שטעלט מיט זיך פאר נח'ס תבה.

No'ah's flood (נאָו'-עז פלאַד) דער מבול [אין נח'ס צייטען].

nob *n.* (נאָב) א פארנעהמע פערזאן, אן אריסטאקראט; דער קאפּ [הומאריסטיש]; א שטרייק=ברעכער, א סקעב.

no'-ball' *n. and v.* (נאָו'-באָהל') אין קריקעט=שפּיעל — א באל וואס איז געווארפען ניט לויט די כללים פון דעם שפּיעל; ערקלערען א באל=ווארף אלס ניט ריכטיג.

nob'bily *adv.* (נאָב'-אי-לי) אריסטאקראטיש, געפּוצט, פראנטיש, עלעגאנט.

nob'ble *v.* (נאָבל) אוועקלאטכענען, פערכאפּען אויף אן אונעהרליכען אופן; בעשווינדלען, אויסנארען; שטערען, שעדיגען [א פערד, וואס מען וויל ניט, אז עס זאל געווינען ביים וועט=לויפען]; אונטערקויפען.

nob'bler *n.* (נאָב'-לער) דער לעצטער ענטשיידענדער קלאפּ; א קלאפּ אין קאפּ; א שווינדלער, א בעטריגער.

nob'by *a.* (נאָב'-אי) אריסטאקראטיש, עלעגאנט, אויסגעפּוצט; גוט, אויסגעצייכענט.

Nobel' priz'es (נאָ-בעל' פּראַיז'-עז) נאבעל=פּריזען [פּריזען פאר אויסצייכנונגען אויף'ן געביט פון ליטעראטור, וויסענשאפט און בכלל אויף פערשיעדענע געביטען אין די אינטערעסען פון דער מענשהייט. די פּריזען, וועלכע ווערען אויסגעטיילט יעהרליך אין דער סומע פון אונגעפעהר 40,000 דאלאר יעדער, ווערען געגעבען פון א פאנד וואס איז געגרינדעט געווארען פון דעם שוועדישען ערפינדער פון דינאמיט א. ב. נאבעל (געבארען 1823, געשטארבען 1896)].

nobil'iary *a. and n.* (נאָ-ביל'-אי-ע-רי) וואס איז שייך צום אדעל; א געשיכטע פון אדעליגע פאמיליען.

nobil'ify *v.* (נאָ-ביל'-אי-פאַי) מאכען פאר אן אדעליגען; מאכען נאבעל, דערהויבען.

nobil'itate *v. and a.* (נאָ-ביל'-אי-טייט) מאכען פאר אן אדעליגען; מאכען נאבעל, דערהויבען; געאדעלט; דערהויבען.

nobilita'tion *n.* (נאָ-ביל-אי-טיי'-שאַן) דאס מאכען אדעליג; דאס מאכען נאבעל, דערהויבען.

nobil'ity *n.* (נאָ-ביל'-אי-טי) 1. דער

אדעל, דער אדעלשטאנד; די אדעליגע; 2. נאבעלקייט, ערהאבענהייט.

1. No title of nobility can be granted in the United States. 2. The nobility of his character is manifested by his deeds.

no'ble *a. and n.* (נאובל) אדעל, אדעליג; עדעל, נאבעל, ערהאבען, פארנעהם; אויסגעצייכענט, גרויסארטיג; אן אדעליגער; דער נאבעל [א פארצייטיגע גאלדענע ענגלישע מטבע].

no'ble art (נאובל ארט) די זעלבסטפערטיידיגונגס־קונסט; די באקס־קונסט; די פויסט־קאמפף־קונסט.

no'ble-finch *n.* (נאו'בל־פינטש) דער בוך־פינק, דער עדעלפינק אדער זיאבליק [אזא פויגעל]. ז. *chaffinch*

no'ble gar'net (נאובל גאר'־נעט) דער גראנאט [אזא עדעלשטיין]. ז. *almandine*

no'bleman *n.* (נאו'בל־מען) אן אדעליגער.

no'ble met'als (נאובל מעט'־עלז) עדעלע מעטאלען [מעטאלען וואס ראסטען ניט: גאלד, זילבער און פלאטין].

no'ble-min'ded *a.* (נאו'בל־מאינ'־דעד) נאבעל, הויכמוטיג, גרויסמוטיג.

no'ble-min'dedness *n.* (נאו'בל־מאינ'־דעד־נעס) נאבעלקייט, הויכמוט, גרויסמוט.

no'bleness *n.* (נאו'בל־נעס) אדעליגקייט; נאבעלקייט, עדעלקייט; גרויסארטיגקייט, ערהאבענהייט.

noblesse' *n.* (נא־בלעס') דער אדעל.

noblesse' oblige' (נא־בלעס' א־בליזש') די פליכט פון אן אדעלמאן צו האנדלען נאבעל.

no'blewoman *n.* (נאו'בל־הוואום־ען) א פרוי פון אדעל־שטאנד.

no'bly *adv.* (נאו'־בלי) אדעליג, פון אדעליגער אבשטאמונג, ווי אן אדעליגער; אויף א נאבעלען, עדעלען אדער ערהאבענעם שטייגער; פראכטפאל, אויסגעצייכענט.

no'body *n.* (נאו'־באד־אי) קיינער; א ניקס, א גארנישט, אן אונוויכטיגע פערזאן.

no'body else (נאו'־באד־אי עלס) קיין אנדערער.

nob'stick *n.* (נאב'־סטיק) ז. *knobstick*

no'cake *n.* (נאו'־קייק) קוקורוזע־מעהל.

nock *n. and v.* (נאק) א קארב, אן איינשניט [הויפטזעכליך פון א פייל]; קארבען, מאכען אן איינשניט; צולעגען די פייל צום בויגען [גרייט צו שיסען].

noctambula'tion *n.* (נאק־טעם־ביו־ליי'־שאן) נאכט־וואנדלעריי, סאמנאמבוליזם.

noctam'bulism *n.* (נאק־טעמ'־ביו־ליזם) נאכט־וואנדלעריי, סאמנאמבוליזם.

noctam'bulist *n.* (נאק־טעמ'־ביו־ליסט) א נאכט־וואנדלער, א סאמנאמבוליסט.

noctam'bulo *n.* (נאק־טעמ'־ביו־לאו) א נאכט־וואנדלער, א סאמנאמבוליסט.

noctid'ial *a.* (נאק־טיד'־אי־על) וואס בעשטעהט פון א מעת־לעת [א טאג מיט א נאכט אדער 24 שטונדען].

noctiflo'rous *a.* (נאק־טי־פלאו'־ראס) וואס בליהט בייגאכט [וועגען פלאנצען].

noctilu'ca *n.* (נאק־טי־ליו'־קא) א פאספארישע אינפוזאריע [איינע פון א מין אינפוזאריען אדער מיקראסקאפישע בעשעפענישען, וואס האלטען זיך מעהרסטענטייל אין די ימים אין די ווארימע געגענדען. זיי געפינען זיך אין אזעלכע מאסען, אז אפטמאל איז דער ים פון זיי בעלויכטען אויף פיעל מיילען].

noctilu'cent *a.* (נאק־טי־ליו'־סענט) וואס לייכט בייגאכט, וואס שיינט אין דער פינסטער.

noctilu'cid *a. and n.* (נאק־טי־ליו'־סיד) וואס שיינט בייגאכט; א פאספארישע אינפוזאריע. ז. *noctiluca*

noctiv'agant *a.* (נאק־טיוו'־ע־גענט) וואס וואנדערט אום בייגאכט.

noctivaga'tion *n.* (נאק־טי־ווע־גיי'־שאן) דאס ארומוואנדערען בייגאכט.

noctiv'agous *a.* (נאק־טיוו'־ע־גאס) ז. *noctivagant*

noc'tograph *n.* (נאק'־טא־גרעף) א נאקטאגראף, א שרייב־אפאראט פאר בלינדע; א פאררינכטונג צו רעגיסטרירען די אנוועזענהייט פון א וועכטער אויף זיין פאסטען.

Noc'tua *n.* (נאק'־טיו־א) די נאכט־מאילען אדער מאטען־פליגעלעך [א מין מאטען־פליגעלעך, פון וועלכע עס זיינען פאראן איבער 2500 מינים, וועלכע ליעגען בעהאלטען בייטאג און ווייזען זיך נור בייגאכט]; א מין קליינע נאכט־אוילען [אזעלכע פויגלען].

noc'tuary *n.* (נאק'־טיו־ע־רי) א פערצייכנים פון נאכט־פאסירונגען, א נאכט־בוך [אין געגענזאץ צו א טאגעבוך].

noc'tuid *n. and a.* (נאק'־טיו־איד) א נאכט־מאיל; וואס איז שייך צו דעם מין נאכט־מאילען. ז. *Noctua*

Noctu'idæ *n.* (נאק־טיו'־אי־דיע) די נאכט־מאילען. ז. *Noctua*

noctu'idous *a.* (נאק־טיו'־אי־דאס) וואס איז שייך צו די נאכט־מאילען. ז. *Noctua*

noc'turn *n.* (נאק'־טוירן) נאכט־מעסע, נעכטליכע גאטעס־דיענסט [ביי די קריסטען]; די תפלות ביי אזא גאטעס־דיענסט; א נאכט־בילד [אין מאלעריי].

noctur'nal *a.* (נאק־טויר'־נעל) נעכטליך, וואס ווערט געטהאן בייגאכט.

noctur'nal birds of prey (נאק־טויר'־נעל בוירדז אוו פריי) די נאכט־אוילען אדער סאוועס [אזעלכע נאכט־פויגלען].

noctur'nal flow'ers (נאק־טויר'־נעל פלאו'־ערז) בלומען וואס עפענען זיך נור בייגאכט אדער בין־השמשות.

noctur'nally *adv.* (נאק־טויר'־נעל־אי) בייגאכט.

noctur'nal sight (נאק־טויר'־נעל סאיט) אן אבנארמאלע זעהונגס־קראפט, ווען מען זעהט נור אין דער טונקעלהייט.

noc'turne *n.* (נאק'־טוירן) א נאקטיורנע, א נאכט־מוזיק [אין וועלכער עס ווערען אויסגעדריקט נאכט־שטימונגען], א סערענאדע; א נאכט־בילד [אין מאלעריי].

noctur'nograph *n.* (נאק־טויר'־נא־גרעף) אן אינסטרומענט צו רעגיסטרירען [פערצייכענען] די צייט פון נאכט־ארבייט אין פאבריקען, שאכטען א. ז. וו.

noc'uous *a.* (נאק'־יו־אס) שעדליך, פערדערבליך; גיפטיג.

noc'uously *adv.* (נאק'־יו־אס־לי) אויף א שעדליכען אדער פערדערבליכען אופן.

nod *v. and n.* (נאד) בויגען אדער נייגען דעם קאפ; שאקלען מיט'ן קאפ ארויף און אראב [ווי ביי דרימלען]; א שאקעל טהאן מיט'ן קאפ; מאכען א בעוועגונג מיט'ן קאפ [ווי אלס צייכען אויף יא, למשל]; א קאפ־נייגונג; דאס שאקלען מיט'ן קאפ [ווי פון שלעפעריגקייט אדער שכרות].

no'dal *a.* (נאו'־דעל) וואס איז שייך צו א קנופ אדער קנופען. ז. *node*

no'dal line (נאו'־דעל לאין) די קנופען־ליניע [א ליניע אויף א וויברירענדען קערפער, וועלכע בעצייכענט די פונקטען וואס בלייבען אונבעוועגליך].

no'dal point (נאו'־דעל פאינט) דער קנופ־פונקט [דער רוה־פונקט אויף א וויברירענדען קערפער, ווי למשל, דער פונקט אין א וויברירענדער סטרונע, וואו מען האלט דעם פינגער].

no'dated *a.* (נאו'־דיי־טעד) געקניפט.

noda'tion *n.* (נא־דיי'־שאן) געקניפטקייט, דאס מאכען קנופען.

nod'der *n.* (נאד'־ער) איינער וואס שאקעלט מיט'ן קאפ, איינער וואס גיט א צייכען דורך א קאפ־בעוועגונג; איינער וואס נייגט דעם קאפ.

nod'ding *n. and a.* (נאד'־אינג) דאס שאקלען מיט'ן קאפ, דאס נייגען דעם קאפ; געבויגען דעם קאפ; וואס נייגט דעם קאפ [אלס בעגריסונג, למשל].

nod'ding acquaint'ance (נאד'־אינג ע־קהוויינט'־ענס) א ווייטע בעקאנטשאפט [ווען מען בעגנוגענט זיך נור מיט א לייכטער בעגריסונג אדער מיט א נייג מיט'ן קאפ ביים בעגעגענען זיך].

I met him at the club and have a nodding acquaintance with him.

nod'dingly *adv.* (נאד'־אינג־לי) מיט א געבויגענעם קאפ; מיט א קאפ־נייגונג; שאקלענדיג מיט'ן קאפ [ווי פון שלעפעריגקייט אדער שכרות].

nod'dle *n. and v.* (נאדל) דער קאפ; נייגען דעם קאפ, שאקלען מיט'ן קאפ, שאקלען דעם קאפ.

nod'dy *n.* (נאד'־אי) א דומקאפ, א שוטה, א פראסטאק; דער באקלאן אדער די ים־שוואלב [אזא פויגעל פון שמוציג־ברוינעם קאליר, וואס האלט זיך ביי די ברעגען פון ים אין די ווארימע לענדער. זעה אילוסטראציאן]; דער פינגווין [ז. *murre*]; אזא פארצייטיגע קארטען־שפיעל; א פאררינכטונג אין דער פארם פון א פערפענדיקעל צו בעשטימען די וויבראציאן פון א קערפער.

Noddy

nod'dy-tern *n.* (נאד'־אי־טוירן) דער באקלאן אדער ים־שוואלב. ז. *noddy*

node *n.* (נאוד) א קנופ, א קניפעל; אן אנוואוקס, א גוזיק; אן איבערביין, א הארטער אנוואוקס אויף א ביין, אויף א ליגאמענט [ווי למשל ביי גיכט אדער רעומאטיזם א. ז. וו.]; דער קנופ־פונקט, די קנופען־ליניע [ז. *nodal point*]; א קרייצונגס־פונקט; א צונויפוואקסונגס־פונקט, א גליעד [אין פלאנצען].

nodif'erous *a.* (נא־דיפ'־ע־ראס) וואס האט גליעדער, בויג־פונקטען אדער צונויפוואקסונגס־קנופען [וועגען פלאנצען].

no'diform *a.* (נאו'־די־פארם) ענליך צו א קנופ, אן איבערביין אדער גוזיק [וועגען קערפער־טיילען פון אינזעקטען].

no'dose *a.* (נאו'־דאוס) קניפעלדיג, גוזעוואטע.

nodos'ity *n.* (נא-דאס'-אי-טי) קניפעלדיגקייט, גוזעוואטקייט.

no'dous *a.* (נאו'-דאס) ז. *nodose*

nod'ular *a.* (נאדזש'-יו-לאר) עהנליך צו א גוזיק; וואס בעשטעהט פון קליינע קניפלעך אדער גוזיקעס.

nod'ulated *a.* (נאדזש'-יו-לֵיי-טעד) ז. *nodose*

nodula'tion *n.* (נאדזש-יו-לֵיי'-שאן) געקניפעלטקייט; דאס זיין אדער ווערען גוזיקעוואטע.

nod'ule *n.* (נאדזש'-יול) א קליינער קניפעל אדער גוזיק.

nod'uled *a.* (נאדזש'-יולד) וואס בעשטעהט פון קליינע קניפלעך אדער גוזיקעס.

No'el *n.* (נאו'-על) [דער ווייהנאכטען יום-טוב לכבוד קריסטוס'עס געבורט].

noemat'ic *a.* (נאו-אי-מעט'-איק) וואס איז שייך צום פערשטאנד, גייסטיג, אינטעלעקטועל.

noem'ics *n.* (נא-עמ'-איקס) גייסטעס-פילאזאפיע, די וויסענשאפט וועגען דעם פערשטאנד.

noes *n.* (נאוז) די שטימען אויף ניין.
The chairman called for the ayes and **noes.**

noet'ic *a.* (נא-עט'-איק) וואס איז שייך צום אינטעלעקט; וואס קומט פון פערשטאנד; אינטואיטיוו, אונמיטעלבאר ערקענבאר, וואס מען קען בעגרייפען אהן חקירות און בעווייזע.

noet'ical *a.* (נא-עט'-אי-קעל) ז. *noetic*

nog *n. and v.* (נאג) א קליין טעפעל; א קליינע ערדענע כלי; א קרוג; אזא שטארק ביער; א קלין, א שטיפט, א פלעקעל; האלץ-ווערק אין א וואנד; א שטיק האלץ אין דער אויספוטערונג פון דער סטעליע אין א שאכטע; בעפעסטיגען מיט א קלין אדער הילצערנע שטיפטען; אנפילען מיט ציעגעל א הילצערנע ראהם [אין א וואנד].

nog'gin *n.* (נאג'-אין) א הילצערנע כלי; א קרוג; דאס וואס געפינט זיך אין א קרוג אדער עהנליכער כלי; א ביסעל משקה; דער קאפ.

nog'ging *n.* (נאג'-אינג) ציגעל-ווערק צווישען הילצערנע ראהמען; א שייד-וואנטעל פון ציגעל; דאס בעפעסטיגען מיט קלינעס אדער הילצערנע פלעקער [אין שיפס-בוי].

no'how *adv.* (נאו'-האו) 1. בשום אופן ניט, לחלוטין ניט; 2. אויסער זיך, ניט ווי געוועהנליך, אין פערלעגענהייט.
2. I could not speak a word; I looked **nohow.**

noil *n.* (נאיל) א שטיקעל וואל אדער זייד וואס פאלט אב ביים קאמען.

noil'-yarn *n.* (נאיל'-יארן) פעדים געמאכט פון אבפאל פון וואל אדער זייד.

noise *n. and v.* (נאיז) 1. א גערויש, א ליארם; א טומעל; 2. אן אויפזועהן; א רושם; שרייען, ליארמען, מאכען א גערויש; 3. פערשפרייטען [דורך קלאנגען].
3. It is **noised** about that he is a very rich man.

noise'ful *a.* (נאיז'-פול) גערוישיג, גערוישפול, ליארמענד; וואס מאכט א רושם, וואס רופט ארויס פיעל געשפרעכען.

noise'less *a.* (נאיז'-לעס) גערוישלאז, שטיל.

noise'lessly *adv.* (נאיז'-לעס-לי) אהן גערויש; שטיל.

noise'lessness *n.* (נאיז'-לעס-נעס) גערוישלאזיגקייט, שטילקייט.

noi'sily *adv.* (נאי'-זי-לי) מיט ליארם.

noi'siness *n.* (נאי'-זי-נעס) גערוישיגקייט, ליארמדיגקייט.

noi'some *a.* (נאי'-סאם) ווידריג, עקעלדיג [אין אויסזעהן אדער גערוך].

noi'somely *adv.* (נאי'-סאם-לי) עקעלדיג, ווידריג [אין אויסזעהן אדער גערוך].

noi'someness *n.* (נאי'-סאם-נעס) ווידריגקייט, עקעלהאפטיגקייט [וועגען אויסזעהן אדער גערוך]; אונגעזונדקייט, שעדליכקייט.

noi'sy *a.* (נאי'-זי) גערוישיג, גערוישפול, ליארעמדיג, טומעלדיג.

nokes *n.* (נאוקס) א שוטה.

no'lens vo'lens (נאו'-לענז וואו'-לענז) ווילענדיג אדער ניט-ווילענדיג.
I shall do it, **nolens volens.**

no'li-me-tan'gere *n.* (נאו'-לאי-מי-טענ'-דזשע-רי) דער גארטען-באלזאמין [אזא זעהר שעהנע פלאנצע]; א טובער-קולאזיס-הויט-אויסשלאג אויף'ן געזיכט [הויפטזעכליך אויף דער נאז]; א בילד וואס שטעלט פאר ווי יעזוס בעווייזט זיך נאך'ן טויט צו מאריע מאגדאלענע.

nol'le *v.* (נאל'-ע) צוריקציהען א געריכטליכע קלאגע.

nol'le pros'equi (נאל'-ע פראס'-ע-קהוואי) א געריכטליכע ערקלערונג וועגען צוריקציהען א קלאגע.

no'lo conten'dere (נאו'-לאו קאנ-טענ'-דע-רי) דאס נעהמען אויף זיך די שטראף ניט צוגעבענדיג די ריכטיגקייט פון דער אנקלאגע [אין קרימינעלע געריכטס-פערהאנדלונגען].

nol. pros. אבקירצונג פון די ווערטער *nolle prosequi*

nom *n.* (נאהן) א נאמען.

nom. אבקירצונג פון *nominative*

no'ma *n.* (נאו'-מא) גאנגרענע [ענטצינדונג וואס ענדיגט זיך מיט אבטויטונג אדער פוילונג] אין דעם מויל אדער אין דעם פרויען-געשלעכטס-ארגאן ביי קינדער.

nom'ad *a. and n.* (נאמ'-עד) נאמאדיש, וואנדערענד; א נאמאד, א וואנדערער, א מיטגליעד פון א וואנדערענדען פאלק אדער פאסטוכער-פאלק.

nom'ade *a. and n.* (נאמ'-אייד) ז. *nomad*

nomad'ic *a.* (נא-מעד'-איק) 1. נאמאדיש, וואנדערענד [הויפטזעכליך וועגען וואנדערענדע פאסטוכער-שבטים]; 2. אונבעשטענדיג, פערענדערליך.
1. **Nomadic** races wander with their herds and flocks over vast planes. 2. The American is **nomadic** in religion, ideas and morals.

nomad'ically *adv.* (נא-מעד'-אי-קעל-אי) ווי א נאמאד; וואנדערענד. ז. *nomad*

nom'adise *v.* (נאמ'-ע-דאיז) ז. *nomadize*

nom'adism *n.* (נאמ'-ע-דיזם) א נאמאדען-לעבען; א נייגונג צו וואנדערונגען.

nom'adize *v.* (נאמ'-ע-דאיז) פיהרען א נאמאדען-לעבען, וואנדערען; וואנדערען מיט די סטאדעס [וועגען וואנדערענדע פאסטוכער-שבטים].

no'mancy *n.* (נאו'-מענ-סי) פארויסזאגונג אדער נביאות-זאגען לויט די בוכשטאבען וואס שטעלען צונויף איינעמס נאמען.

no'-man's-land *n.* (נאו'-מענז-לענד) א שטיק לאנד וואס בעלאנגט צו קיינעם ניט; לאנד אויף וועלכען עטליכע מענשען האבען פרעטענזיעס; אן ערשיינונג אויף'ן ים, ווען עס ווייזט זיך אויס, אז מען זעהט לאנד. ז. *fog-bank*

ox'-bow *n.* (אָקס'-באָו) דער האַלז־בויגען פון אַן אָקסען־יאָך [אַן אויסגעבויגענער שטעקען וואָס שטעלט זיך אריין מיט ביי־דע שפּיצען אין יאָך פון אַן אָקס און דיענט ווי אַ כאָמוט]; אַן אויסבויגונג פון אַ טייך.

ox'en *n.* (אָקסען) אָקסען.

ox'-eyed *a.* (אָקס'-איד) אָקסען־אויגיג, מיט אָקסענע אויגען, וואָס האָט גרויסע אויגען.

ox'-fly *n.* (אָקס'-פלאַי) די אָקסען־פליעג. ז. *ox-bot*.

ox'-gall *n.* (אָקס'-גאָהל) אָקסען־גאַל [אַ ביטערע פליסיגקייט, וועלכע עס טיילט אויס די לעבער פון אַן אָקס].

ox'-hide *n.* (אָקס'-האַיד) אָקסען־פעל.

ox'id *n.* (אָק'-סיד) אַן — אין כעמיע אָקסיד, אַ זויער־שטאָף־פערבינדונג, אַ כע־מישע פערבינדונג פון זויער־שטאָף מיט אַן אַנדער עלעמענט.

oxidabil'ity *n.* (אָק-סי-דע-ביל'-אי-טי) אָקסידירבאַרקייט, דאָס קענען פערוואַנ־דעלט ווערען אין אַן אָקסיד. ז. *oxid*.

ox'idable *a.* (אָק'-סי-דעבל) וואָס קען פערוואַנדעלט ווערען אין אַן אָקסיד. ז. *oxid*.

ox'idate *v.* (אָק'-סי-דייט) פערוואַנד־לען אין אַן אָקסיד, פעראייניגען מיט זויי־ער־שטאָף [ווי געוויסע מעטאַלען].

oxida'tion *n.* (אָק-סי-דיי'-שאַן) דאָס אָקסידירען, דאָס פערבינדען אַ געוויסען כעמישען עלעמענט מיט זויער־שטאָף.

oxida'tional *a.* (אָק-סי-דיי'-שאַנ-על) וואָס איז שייך צו אָקסידירונג אָדער פער־אייניגונג פון אַ כעמישען עלעמענט מיט זויער־שטאָף.

ox'idize *v.* (אָק'-סי-דאַיז) אָקסידירען, פעראייניגען אַ געוויסען כעמישען עלע־מענט מיט זויער־שטאָף.

ox'idizement *n.* (אָק'-סי-דאַיז-מענט) ז. *oxidation*.

ox'lip *n.* (אָקס'-ליפּ) אַזאַ ענגלישע בלום וואָס ווערט קולטיווירט אין אַמעריקאַ און ווערט בענוצט אַלס אַ מיטעל איינצושפּ־ריצען שמערצען.

Oxon. פערקירצונג פון דעם לאַטיינישען נאָמען פון דער שטאָדט אָקספאָרד אין ענג־לאַנד [ווערט אָפט געברויכט אין דיפּלאָ־מען וואָס ווערען ארויסגעגעבען פון אָקס־פאָרדער אוניווערזיטעט].

Oxo'nian *a. and n.* (אָק-סאָו'-ני-ען) וואָס איז שייך צו אָקספאָרד [אין ענג־לאַנד]; אַ געבאָרענער, אָדער בירגער פון אָקספאָרד; אַ סטודענט פון אָקספאָרדער אוניווערזיטעט.

ox'pecker *n.* (אָקס'-פעק-ער) דער אָק־סען־פּיקער [אַ קליינער אַמעריקאַנישער פויגעל, וועלכער ערנעהרט זיך מיט פּאַראַ־זיטען און אינזעקטען, וואָס ער פּיקט אויס פון דער פעל פון בהמות].

ox'-stall *n.* (אָקס'-סטאָהל) אַן אָקסען־שטאַל.

ox'ter *n.* (אָקס'-טער) די פּאַכווע, דער אָרם.

ox'-tongue *n.* (אָקס'-טאָנג) די אָקסען־צונג, איינע פון אַ צאָהל פערשיעדענ־אַרטיגע פלאַנצען, ביי וועלכע די בלעטער האָבען די פאָרם פון אַן אָקסען־צונג.

oxya'phia *n.* (אָק-סי-איי'-פי-אַ) אַן אוננאַרמאַלע שאַרפקייט פון חוש־המישוש.

oxyblep'sia *n.* (אָק-סי-בלעפּ'-סי-אַ) אַן אוננאַרמאַלע שאַרפקייט פון חוש־הראיה.

oxycal'cium light (אָק-סי-קעל'-סי-אַם לאַיט) דאָס קאַלך־ליכט. ז. *calcium light*.

oxychlo'rid *n.* (אָק-סי-קלאָו'-ריד) אָקסי־כלאָריד, אַ כעמישע פעראייניגונג פון כלאָריד מיט זויער־שטאָף. ז. *chlorid*.

oxychlo'ride *n.* (אָק-סי-קלאָו'-ריד) ז. *oxychlorid*.

ox'ycrate *n.* (אָק'-סי-קרייט) עסיג־וואַ־סער [וואַסער געמישט מיט עסיג].

ox'yd *n.* (אָק'-סיד) ז. *oxid*.

ox'ydable *a.* (אָק'-סי-דעבל) ז. *oxidable*.

ox'ydate *v.* (אָק'-סי-דייט) ז. *oxidate*.

oxyda'tion *n.* (אָק-סי-דיי'-שאַן) ז. *oxidation*.

ox'ydize *v.* (אָק'-סי-דאַיז) ז. *oxidize*.

ox'ygen *n.* (אָק'-סי-דזשען) אָקסיגען, זויער־שטאָף [איינער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען. ער איז אַ גאַז אָהן קאָ־ליר און אָהן גערוך. אַן ערך פיער פינפ־טעל פון דער לופט בעשטעהט פון זויער־שטאָף. אין פעראייניגונג מיט וואַסער־שטאָף בילדעט ער אויס וואַסער].

ox'ygenate *v.* (אָק'-סי-דזשען-אייט) פעראייניגען אָדער אַנזעטיגען מיט זויער־שטאָף; אָקסידירען. ז. *oxidate*.

oxygena'tion *n.* (אָק-סי-דזשען-ניי'-שאַן) די פעראייניגונג מיט זויער־שטאָף, די איבערזעטיגונג מיט זויער־שטאָף; די אָקסידירונג. ז. *oxidation*.

oxygen'ic *a.* (אָק-סי-דזשען'-איק) אָקסי־געניש; וואָס איז שייך צו זויער־שטאָף.

ox'ygenize *v.* (אָק'-סי-דזשען-איז) ז. *oxygenate*.

oxyg'enous *a.* (אָק-סידזש'-ע-נאַס) אָקסי־געניש, וואָס געהערט צו זויער־שטאָף; וואָס ענט־האַלט זויער־שטאָף.

Oxygon

ox'ygon *n.* (אָק'-סי-גאָן) אַ — אין געאָמעטריע דריי־עק, ביי וועלכען אַלע דריי ווינקלען זיינען שפּי־ציגע.

oxyg'onal *a.* (אָק-סיג'-אָ-נעל) שפּיץ־עקיג, שפּיץ־ווינקלדיג.

ox'ygone *n.* (אָק'-סי-גאָן) ז. *oxygon*.

oxygo'nial *a.* (אָק-סי-גאָו'-ני-על) ז. *oxygonal*.

oxyhy'drogen *a.* (אָק-סי-האַי'-דראָ-דזשען) וואָס איז שייך אָדער בעשטעהט פון אַ כעמישער פערבינדונג פון זויער־שטאָף מיט וואַסער־שטאָף.

ox'ymel *n.* (אָק'-סי-מעל) זויער־האָניג, עסיג־האָניג [אַ געמיש פון עסיג מיט האָ־ניג].

oxymo'ron *n.* (אָק-סי-מאָו'-ראָן) דאָס אָקסימאָראָן, די פערבינדונג פון צוויי ווערטער, וועלכע זיינען אין עצם סותר איינע די אַנדערע, ווי למשל: "ער האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ כ ו ר ' י ש ־ מ י ל ד ע ן בליקען".

ox'-yoke *n.* (אָקס'-יאָוק) אַן אָקסען־יאָך, אַ געשפּאַן פאַר אָקסען.

oxyo'pia *n.* (אָק-סי-אָו'-פּי-אַ) אַן אוננ־אַרמאַלע שאַרפקייט פון אויג, וואָס נעהמט זיך פון אַ צו־שטאַרקער עמפּפינדליכקייט פון דעם נעץ־הייטעל.

ox'yopy *n.* (אָק'-סי-אָו-פּי) ז. *oxyopia*.

oxyosphre'sia *n.* (אָק-סי-אָס-פרי'-סי-אַ) אַן אוננאַרמאַלע שאַרפקייט פון חוש הריח.

oxypho'nia *n.* (אָק-סי-פאָו'-ני-אַ) אַ הויכע, שניידענדע שטימע.

ox'yphony *n.* (אָק'-סי-פאָו-ני) ז. *oxyphonia*.

oxyr'rhodin *n.* (אָק-סיר'-אָ-דין) רויזען־עסיג [אַ געמיש פון עסיג מיט רויזען־אויל, וואָס דיענט אַלס זאַלב ביי געוויסע קראַנקהייטען].

oxyr'rhodine *n.* (אָק-סיר'-אָ-דין) ז. *oxyrrhodin*.

oxysacch'arum *n.* (אָק-סי-סעק'-ע-ראַם) אַ געמיש פון עסיג מיט צוקער.

ox'ytone *a., n. and v.* (אָק'-סי-טאָון) אין גראַמאַטיק — וואָס האָט אַ שאַרפען אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע; אַ וואָרט מיט אַ שאַרפען אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע; אויסרעדען אַ וואָרט מיט'ן אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxytone'sis *n.* (אָק-סי-טאָ-ני'-סיס) דאָס אויסרעדען אָדער פונקטירען ווערטער מיט'ן אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxyton'ical *a.* (אָק-סי-טאָנ'-אי-קעל) ז. *oxytone*.

ox'ytonize *v.* (אָק'-סי-טאָו-נאַיז) אויס־רעדען אַ וואָרט מיט'ן אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע.

oxyu'rous *a.* (אק-סי-יו'-ראס) וואס האט א שארפען אדער שפיצינגען עק.

o'yer *n.* (או'-יער) א פערהער, א געריכטס=פערהער; דאס אויסהערען די טענות פון די צדדים אויף'ן געריכט; דאס צייגען פאר'ן געריכט א דאקומענט אדער א קאפיע פון דאקומענט, וועלכען דער גענעזצד האט דערמאהנט אין זיינע טענות.

o'yes *int.* (או'-יעס) הערט! הערט אוים! [אן אויסרוף פון בעאמטען אין א געריכטס=הויז, אז דער עולם זאל ווערען שטיל און אויפמערקזאם].

o'yez *int.* (או'-יעז) ז. *oyes*

oys'ter *n.* and *v.* (אים'-טער) אן אוסטריצע, אן אויסטער [א מין עסבארע מאלוסקע אין א מושעל, וואס בעשטעהט פון צוויי ניט גלייכע דעקלעך]; בעשעפטיגען זיך מיט כאפען אויסטערס.


Oyster

oys'ter-bank *n.* (אים'-טער-בענק) ז. *oyster-bed*

oys'ter-bed *n.* (אים'-טער-בעד) א קופע ערד אונטערן וואסער אויף וועלכער עס געפינען זיך אויסטערס; א שיכט אין דער ערד וואס בעשטעהט פון פערשטיינערטע אויסטערס.

oys'ter-catch'er *n.* (אים'-טער-קעטש'-ער) דער אויסטער=פישער [א שווארצער פויגעל מיט ווייסע ראנדען אויף'ן עק און אויף די פליגלען, געפינט זיך כמעט אין אלע טיילען פון דער וועלט און ערנעהרט זיך מיט קליינע אויסטערס און מאלוסקען].

oys'ter-cul'ture *n.* (אים'-טער-קאל'-טשור) אויסטער=צוכט, דאס קולטיווירען אדער האדעווען אויסטערס.

oys'ter-dredge *n.* (אים'-טער-דרעדזש) א מין קליינע נעץ צו כאפען אויסטערס.

oys'terer *n.* (אים'-טער-ער) איינער וואס האנדעלט מיט אויסטערס.

oys'ter-farm *n.* (אים'-טער-פארם) אן ארט וואו מען האדעוועט אויסטערס.

oys'ter-far'ming *n.* (אים'-טער-פאר'-מינג) דאס האדעווען אויסטערס.

oys'ter-fish'ery *n.* (אים'-טער-פיש'-ער-אי) אויסטער=פישעריי, דער אויסטער=פאנג.

oys'ter-fish'ing *n.* (אים'-טער-פיש'-אינג) דאס פאנגען אויסטערס.

oys'ter-knife *n.* (אים'-טער-נאיף) א מעסער, מיט וועלכען מען עפענט פאנאנדער די דעקלעך פון אן אויסטער=מושעל.

oys'terling *n.* (אים'-טער-לינג) א קליין אויסטערל.

oys'terman *n.* (אים'-טער-מען) אן אויסטער=הענדלער.

oys'ter-plant *n.* (אים'-טער-פלענט) א מין גראז מיט איינציגע געלבע קערבעלעך אויף די שפיצען פון די שטענגלעך. דער ווארצעל ווערט געברויכט אין עסען אלס א סאלאט.

oys'ter-shell *n.* (אים'-טער-שעל) אויסטער=שאלעכץ [דער מושעל פון אן אויסטער].

oys'ter-tongs *n.* (אים'-טער-טאנגז) אן אינסטרומענט ארויסצושלעפען אויסטערס פון טיעפען וואסער.


Oyster-tongs

oys'ter-wom'an *n.* (אים'-טער-הוואומ'-ען) אן אויסטער=הענדלערין.

ozæ'na *n.* (א-זיע'-נא) א שטינקענדער געשוויר אין נאז.

ozoce'rite *n.* and *v.* (או-זא-סי'-ראיט) אזאקעריט אדער ערד=וואקס [א וואקס=פערמיגער מינעראל, וואס ווערט בענוצט אין דער פראדוקציאן פון צערעזין און פאראפין, וועלכע מען געברויכט אין דער פראדוקציאן פון וועקסענע און סטעארינענע ליכט]; ברויכען אזאקעריט.

ozoke'rite *n.* and *v.* (או-זא-קי'-ראיט) ז. *ozocerite*

ozona'tion *n.* (או-זא-ניי'-שאן) דאס ברויכען אזאן. ז. *ozone*

o'zone *n.* (או'-זאון) אזאן [זויער=שטאף, וואס האט בעקומען נייע איינגענשאפטען דורך דער ווירקונג פון עלעקטריציטעט. דאס אזאן האט א בעזונדערען שטארקען גערוך, פערניכטעט מיאזמען און שלעכטע ריחות און ווירקט אויף דער אבבלייכונג פון פערשיעדענע פארבען].

o'zone-pa'per *n.* (או'-זאון-פיי'-פער) אזאן=פאפיער [א פאפיער, וואס איז דורכגעזאפט מיט געוויסע כעמישע מאטעריאלען און ווערט בענוצט צו פרובירען צי איז פאראן אין דער לופט אזאן]. ז. *ozone*

ozo'nic *a.* (או-זאו'-ניק) אזאניש; וואס איז שייך צו אזאן.

ozonif'erous *a.* (או-זא-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אזאן.

ozonifica'tion *n.* (או-זאו-ני-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין אזאן.

ozo'nify *v.* (או-זאו'-ני-פאי) פערוואנדלען אין אזאן.

ozonog'rapher *n.* (או-זא-נאג'-רע-פער) איינער וואס פרובירט די לופט, אויף וויפיעל אין איהר געפינט זיך אזאן.

ozonom'eter *n.* (או-זא-נאמ'-ע-טער) דער אזאן=מעסטער [אן אינסטרומענט וואס מעסט די קוואנטיטעטען פון אזאן אין דער לופט]. ז. *ozone*

ozo'noscope *n.* (או-זאו'-נא-סקאופ) ז. *ozone-paper*

ozonoscop'ic *a.* (או-זאו-נא-סקאפ'-איק) וואס צייגט אן די אנוועזענהייט פון אזאן [ווי למשל אזאן=פאפיער]. ז. *ozone-paper*

P

P, p (פי) דער זעכצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

p. פערקירצונג פון *page* אדער *piano* [אין מוזיק — שוואך, שטיל].

p. a. ראשי תבות פון די ווערטער *participial adjective* [א פארטיציפיום=ביווארט, א פארם פון א צייטווארט וואס דיענט אלס ביווארט] אדער פון די ווערטער *per annum* [יעהרליך].

Pa. אבקירצונג פון *Pennsylvania* [פענסילווייניא, איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

pa *n.* (פא) א קינדערשער אויסדרוק פאר *papa*

paal'stab *n.* (פאל'-סטעב) ז. *palstaff*

pabouche' *n.* (פע-בוהש') א טופליע, א שטעקשוך.

pab'ular *a.* (פעב'-יו-לאר) נעהרענד; נאהרהאפט; וואס נעהרט.

pab'ulous *a.* (פעב'-יו-לאס) ז. *pabular*

pab'ulum *n.* (פעב'-יו-לאם) נאהרונג; שפייז; גייסטיגע שפייז.

pac'a *n.* (פעק'-א) דאס פאקא [אזא דרום=אמעריקאנישע גריזשענדע חיה פון רויטליכען אדער ברוינעם קאליר מיט ווייסע פלעקען].

Paca

pa'cable *a.* (פיי'-קעבל) וואס קען בערוהיגט ווערען; וואס איז פריעדליך גע־שטימט; וואס לאזט זיך איבערבעטען.

paca'tion *n.* (פע-קיי'-שאן) די בערוהיגונג; די איינשטילונג.

pa'ce *adv.* and *prep.* (פיי'-סיע) מיט דער ערלויבניש [פון אימעצען].

pace *n.* and *v.* (פיים) א טריט, א שריט; א לענג=מאס פון אונגעפעהר דריי פוס; דער גאנג; די גאנג=ארט פון א פערד, ווען בײדע פיס פון איין זייט זיינען אויפגעהויבען אין איין צייט; א קליינע פלאטפארמע וואס איז עטוואס העכער פון באדען; א טרעפ; מאכען שריט, שרייטען, געהן; געהן טריט ביי טריט; מעסטען מיט די טריט; געהן אדער לויפען גלאט, ניט שפרינגענדיג אדער אויפהויבענדיג מיט איין מאל ביידע פיס פון איין זייט [ווענען א פערד].

pace'-eggs *n.* (פיים'-עגז) פסח'דיגע אייער [הארט געקאכטע און געפארבטע אייער וואס מען גיט קינדער אין קריסטליכען פסח].

pace for pace (פיים פאר פיים) שריט ביי שריט.

pa'cer *n.* (פיי'-סער) איינער, וועלכער מאכט שריט אדער מעסט עפעס מיט זיינע שריט; א פערד, וועמעס נאטירליכער גאנג איז אזוי, דאס ביידע פיס פון יעדער זייט זיינען ביי איהם אין איין צייט אויפגעהויבען אדער ארונטערגעלאזען; א שנעל פערד; יעדע זאך, וואס ווייזט ארויס שנעלקייט און טהעטיגקייט.

pacha' *n.* (פא-שא') ז. *pasha*

pacha'lic *a.* (פא-שא'-ליק) ז. *pashalic*.

pachi'si *n.* (פע-טשי'-סי) א מין שפיעל אין ביינדלעך וואס ווערט געשפיעלט פון פיער פערזאנען. ז. *back-game*.

pach'yderm *a. and n.* (פעק'-אי-דוירם) מיט א גראבער הויט; א חיה אדער בהמה וואס האט קלויען [קאפיטעם] און איז ניט מעלה־גרה.

Pachyder'mata *n.* (פעק-אי-דויר'-מע-טא) חיות וואס האבען קלויען [קאפיטעם] און זיינען ניט מעלה־גרה [ווי אן עלעפאנט, א פערד א. ז. וו.].

pachyder'matous *a.* (פעק-אי-דויר'-מע-טאס) מיט א גראבער הויט; אונעמפינדליך צו שטעך־ווערטלעך א. ד. ג.

pachye'mia *n.* (פעק-אי-אי'-מי-א) א צו שטארקע געדיכטקייט פון בלוט.

pachyme'nia *n.* (פעק-אי-מי'-ני-א) א פערדיקונג פון דער הויט.

pachymeningi'tis *n.* (פעק-אי-מענ-אינ-רזשאי'-טים) אן ענטצינדונג פון היי־טעל וואס בעדעקט די געהירן אדער דעם רוקען־מארך.

pachym'eter *n.* (פע-קימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די דיקקייט פון פאפיער אדער גלאז.

pacif'erous *a.* (פע-סיפ'-ע-ראס) וואס ברייננט פריעדען.

pac'ifiable *a.* (פעס'-אי-פאי-עבל) וואס קען איינגעשטילט אדער בערוהיגט ווערען.

pacif'ic *a.* (פע-סיפ'-איק) וואס שטילט איין; וואס בערוהיגט; פריעדליך; שטיל; רוהיג.

Pacif'ic *a.* (פע-סיפ'-איק) וואס איז שייך צום פאסיפישען אדער שטילען אקעאן [דער גרעסטער אקעאן, וואס ליעגט צווישען די מערב־ברעגען פון אמעריקא און די מזרח־ברעגען פון אזיען].

pacif'ically *adv.* (פע-סיפ'-אי-קעל-אי) אויף א פריעדליכען, שטילען אדער בערוהיגענדען שטייגער.

pacif'icate *v.* (פע-סיפ'-אי-קייט) מאכען שלום; בערוהיגען; שטיל מאכען.

pacifica'tion *n.* (פע-סיפ-אי-קיי'-שאן) דאס מאכען שלום; דאס איינשטילען; דאס בערוהיגען.

pacif'icator *n.* (פע-סיפ'-אי-קיי-טאר) א שלום־מאכער, אן איינשטילער, א בערוהיגער.

pacif'icatory *a.* (פע-סיפ'-אי-קיי-טא-רי) בערוהיגענד, איינשטילענד.

pac'ifier *n.* (פעס'-אי-פאי-ער) אן איינשטילער, א בערוהיגער.

pac'ify *v.* (פעס'-אי-פאי) איינשטילען; בערוהיגען; ברייננען שלום; מאכען פריעדען.

pack *n. and v.* (פעק) א פאק, א פאקעט; א געוויסע מאס פון וואל [240 אדער 480 פונט]; א פעקעל גאלד־בלעטלעך [20 ביכלעך צו 25 בלעטלעך יעדעס]: א לאסט, א שוויעריגקייט [ווי א פעקעל צרות]; א טאליע קארטען; א מחנה הינד אדער וועלף; א ראטע, א באנדע, א חברה; א מאסע צוזאמענגעטריבענע קריהעס אויף'ן אייז־מעער; ביי פישער — די מאסע געפאנגענע פיש; אין קויהלען־גרובען — א וואנד אדער זייל פון שטיינער אדער גרויסע שטיקער קויהלען, וואס שטיצט אונטער די אויבערלאגע [סטעליע] פון דער שאכטע; פערשטאפען מיט עפעס א שפאלט; איינפאקען, צונויפפאקען; צוזאמענלעגען; איינוויקלען דעם קערפער אין א נאסען לייללעך [ביי די וואס היילען זיך דורך וואסער־קור]; געדיכט מאכען; צונויפפרעסען; אין קארטען־שפיעל — טאשען אדער אויסמישען די קארטען מיט א שווינדלערישען צוועק; צוזאמענברייננגען מענשען אדער זאכען מיט בעטריגערישע צוועקען; שווינדלען אדער פלאנעווען א שווינדעל; טראגען א פאק אויף די פלייצעס; ארויפלעגען א לאסט; אנלאדען.

pack a commit'tee (פעק ע קא-מיט'-אי) קינסטליך אדער פארטייאיש צוזאמענשטעלען א קאמיטעט פון אזעלכע פערזאנען דורך וועלכע עס איז מעגליך דורכצופיהרען די פארשלעגע, וועלכע זיינען ווינשענסווערטה פאר די וואס ווירקען אויף דער צוזאמענשטעלונג פון קאמיטעט.

pack'age *n.* (פעק'-עדזש) א פעקעל, א קלומעק; א פאק, א פאקעט; די פערפאקונג; דאס פערפאקען; דאס געצאהלט פאר פאקען.

pack a ju'ry (פעק ע דזשוה'-רי) קינסטליך צוזאמענשטעלען געריכטס־געשווארענע אזוי, אז זיי זאלען ארויסטראגען אן אורטייל וועגען דעם בעשולדיגטען ווי עס ווילט זיך דעם צד, וועלכער ווירקט אויף דער צוזאמענשטעלונג פון די געריכטס־געשווארענע.

pack'-an'imal *n.* (פעק'-ענ'-אי-מעל) א לאסט־טהיער [א בהמה וואס ווערט בענוצט צו טראגען משא].

pack away' (פעק ע-הוויי') אוועקפאקען; זיך אבטראגען.

pack'-cloth *n.* (פעק'-קלאהטה) פאק־לייווענט.

pack'er *n.* (פעק'-ער) א פאקער, א פעקער; א מאשין צו פאקען סחורות; אייגער וואס טראנספארטירט געפעק אויף לאסט־בהמות [ווי פערד. עזלען א. ד. ג.]; א רעגיערונגס־בעאמטער, וואס האט אויפזיכט איבער טראנספארט־געפעק; אין אגריקולטור — דער מעכאניזם אין א שניידמאשין, וועלכער פרעסט צונויף די אבגעשניטענע זאנגען און האלט זיי אין דיעזער לאגע ביז זיי ווערען איבערגעבונדען אין סנאפעס; איינער וואס מאכט געפעקעלט פלייש.

pack'et *n. and v.* (פעק'-עט) א פאקעט, א פעקעל; א פאקעט־שיף, א פאסט־שיף [א שיף וועלכע פיהרט בריעף און פאקעטען]; א פאק פון 250 מעטאל־בויגענס אדער בלעך; מאכען א פעקעל; טראנספארטירען אדער שיקען אין א פאסט־שיף.

pack'et-boat *n.* (פעק'-עט-באוט) א פאקעט־שיף, א פאסט־שיף [א שיף, וועלכע פיהרט בריעף און פאקעטען].

pack'et of nee'dles (פעק'-עט אוו ניעדלז) א בריוועל נאדלען.

pack'et-ship *n.* (פעק'-עט-שיפ) ז. *packet-boat*.

pack'et-ves'sel *n.* (פעק'-עט-וועס'-על) ז. *packet-boat*.

pack'fong *n.* (פעק'-פאנג) ארגענטאן אדער כינעזישעס ניי־זילבער [א געמיש פון ניקעל, צינק און קופער]. ז. *paktong*.

pack'horse *n.* (פעק'-האהרס) א לאסט־פערד, א פערד פאר משא; א לאסט־טרעגער; א הארעפאשניק.

pack'-house *n.* (פעק'-האוס) א פאק־הויז, א שפייכלער.

pack'-ice *n.* (פעק'-אים) צוזאמענגעדרענגטע קריהעס אויף'ן אייז־מעער.

pack'ing *n.* (פעק'-אינג) דאס איינפאקען; די פערפאקונג; דאס מאכען געפעקעלט פלייש; דער מאטעריאל, וואס דיענט איינצופאקען, אנצופילען אדער פערשטאפען עפעס; אין דרוקערייען — א שטיק ווייך צייג, מים וועלכען עס איז בעצויגען דער צילינדער פון דרוק־פרעס, כדי עס זאל זיין ווייכער זיין דרוק אויף'ן דרוקבויגען; ביי מויערער — שטיקלעך ציעגעל מיט וואפנע, מיט וועלכע מען פילט אן די איבערגעבליבענע לעכער אין א געמויערטער וואנד; דאס שליסען צווישען זיך א געהיימען אבמאך, כדי צו בעטריגען אדער בעשווינדלען איינעם; שווינדעל, בעטרוג.

pack'ing-case *n.* (פעק'-אינג-קיים) א קאסטען אין וועלכען מען פאקט איין סחורות אדער אנדערע זאכען.

pack'ing-pa'per *n.* (פעק'-אינג-פיי'-פער) פאק־פאפיער [א דיק פאפיער, אין וועלכען מען פאקט איין סחורות].

pack'ing-press *n.* (פעק'-אינג-פרעס) א פאק־פרעס [א שווערע פרעס, מיט וועלכער מען מאכט גרויסע פעק פון היי, וואל א. ד. ג.].

pack'ing-sheet *n.* (פעק'-אינג-שיעט) א דעקע צוצודעקען אדער פאקען סחורות; אין וואסער־קור — א נאסער לייללעך, וואס דיענט אלס היילמיטעל ביי געוויסע קראנקהייטען.

pack'-load *n.* (פעק'-לאוד) די געוועהנליכע משא וואס א לאסט־בהמה קען אויף זיך טראגען [ווי 300 פונט פאר א גרויסען עזעל, 150 פונט פאר א קליינעם א. ד. ג.].

pack'man *n.* (פעק'-מען) א פאקען־טרעגער, א קאראבעלניק, א פעדלער.

pack'-mule *n.* (פעק'-מיול) א לאסט־עזעל.

pack'needle *n.* (פעק'-ניעדל) א פאק־נאדעל [א גרויסע נאדעל צו פערנעהען געפעק].

pack of cards (פעק אוו קארדס) א טאליע קארטען.

pack off (פעק אף) זיך אבטראגען.

pack out (פעק אוט) אויספאקען, אויסלאדען.

The schooner **packed out** 500 barrels of mackerel.

pack'-road *n.* (פעק'-ראוד) א וועג אדער שטעגעל, איבער וועלכען עס קען געהן נור א לאסט־טהיער, אבער ניט קיין וואגען.

pack'-sad'dle *n.* (פעק'-סעד'ל) א פאק־זאטעל [א זאטעל אויף וועלכען מען לאדט אן משא אויף א לאסט־טהיער, ווי א פערד, אן עזעל א. ד. ג.].

pack'sheet *n.* (פעק'-שיעט) ז. *packing-sheet*.

pack'thread *n.* (פעק'-טהרעד) פאק־פאדים, בינד־פאדים; שפאגאט.

pack'-train *n.* (פעק'-טריין) א רייהע לאסט־טהיערע.

pack up (פעק אפ) איינפאקען; זיין באנקראט; זיך מוזען פאקען אדער אבטראגען.

pack'ware *n.* (פעק'-הוועהר) די סחורות פון א פאקען־טרעגער אדער פעדלער.

pack'wax *n.* (פעק'-הוועקס) קאסקע [א מין הארט, ווייס פלייש] אין האלז פון בהמות.

pack'way *n.* (פעק'-הוויי) ז. *pack-road*.

pact *n.* (פעקט) א קאנטראקט, אן אבמאך.

pac'tion *n.* (פעק'-שאן) ז. *pact*.

pac'tional *a.* (פעק'-שאנ-על) קאנטראקט־מעסיג; ווי אן אבמאך.

pad *n. and v.* (פעד) א שטעג; א נאסען־

רויבער; א קישען, א זיץ־קישען; א ווייכער, קישען־ענליכער אדער אנגעשטאפּטער טייל פון עפּעס; א פּעקעל פּאַפּיער צוזאַמענגעקלעפּט ווי א בוך; דאס הענטעל פון געוויסע געציינג; א קארב; געהן צו־פוס, געהן לאַנגזאם; ארויסגעהן אויף רויב; אויסגלייכען אדער אויסטרעטען [א וועג]; צונויפקלעפּען פּאַפּיער אין א פּעקעל; אונטערשלאַגען [א מאַנטעל] מיט וואַטע; פּאַנאַנדערשפּרייטען, פּערגרעסערען עפּעס דורך אונניציגען מאַטעריאַל [ווי למשל א בוך אדער צייטונגס־ארטיקעל].

pad'-brack'et *n.* (פעד'-ברעק'-עט) אין א שטאל — א לייסט אדער א שטיקעל קלאָץ, וואס שטארצט ארויס פון וואנד און אויף וועלכען מען הענגט אויף א זאטעל.

pad'-crimp *n.* (פעד'-קרימפּ) ביי זאטעל־מאכער — א פּרעס מיט וועלכער עס ווערט אויסגעבויגען די לעדער צו בעקומען די פאָרם פון א זאטעל.

pad'ded cell (פעד'-עד סעל) אין א טורמע אדער משוגעים־הויז — א קאַמער, וואו די ווענד זיינען ארומגעשלאַגען מיט א ווייכען מאַטעריאַל, כדי דער ארעסטירטער אדער משוגענער זאל זיך ניט צוקאליעטשען, שלאָגענדיג זיך אן וואנד.

pad'ded room (פעד'-עד רוהם) ז. *padded cell*.

pad'der *n.* (פעד'-ער) א גאסען־רויבער; איינער וואס בעדעקט אדער בעשלאָגט מיט קישענס; איינער וואס שטאָפּט אן אדער פילט אוים מיט ווייכען שטאָף.

pad'ding *n.* (פעד'-אינג) דאס בעדעקען אדער בעשלאָגען מיט קישעלעך; דאס ווייכע מאַטעריאַל, מיט וועלכען מען בעדעקט אדער בעשלאָגט א זאך; דער ווייכער אונטערשלאַג פון א בגד; דאס דרוקען אוזארען אויף ציץ אדער קאַטון; דאס דורכנעצען קאַטון מיט א געוויסען מאַטעריאַל איידער מען נעהמט זיך דרוקען אויף איהם אוזארען; יעדע אונוויכטיגע זאך וואס ווערט צוגעשריבען צו א בוך אדער ארטיקעל ניט צוליעב זיין אינהאלט, נאר כדי צו מאכען איהם לענגער.

pad'dle *n.* and *v.* (פעדל) א רודער; די לאָפּעטקע פון א רודער; די שווימלאַפּעס פון א וואַלפיש א. ד. ג.; א ראַדשויפעל; איינס פון די קוואָר־ליעגענדע ברעטלעך אין ראד פון א דאמפּף־שיף; א קליינע לאָפּעטקע; א קליין טהירעל וואס עפענט זיך אויף און מאכט זיך צו אין א שלוזע; רודערען; שווימען אין וואַסער מיט דער הילף פון רודערס [ווי א שיפעל] אדער מיט דער הילף פון די פיס [ווי א גאנז, ענטעל א. ד. ג.]; זיך פּלעסקען, זיך שפּיעלען מיט'ן וואַסער; פּאַטשען, שמייסען; זיך שפּיעלען מיט די פינגער, גלעטען מיט די פינגער א זאך.

pad'dle about' (פעדל ע-באוט') זיך ארומטרייבען.

pad'dle-board *n.* (פעד'ל-באורד) איינס פון די קוואָר־ברעטלעך פון וואַסער־ראד ביי א דאמפּף־מאַשין.

pad'dle-box *n.* (פעד'ל-באַקס) דער קאַסטען אדער איבערדעק איבער דעם רודער־ראד פון א דאמפּף־שיף, כדי דאס וואַסער זאל ניט שפּריצען אין שיף.

pad'dle-case *n.* (פעד'ל-קיים) ז. *paddle-box*.

pad'dle one's own canoe' (פעדל וואנז און קע-נוה') שטעהן אויף די אייגענע פיס; פערלאָזען זיך זעלבסטשטענדיג צו א קאַריערע.

pad'dler *n.* (פעד'-לער) א רודערער; איינער וואס פּלעסקעט זיך אדער שפּיעלט זיך מיט וואַסער; איינער וואס טהוט עפּעס אהן שום צוועק, וואס שפּיעלט זיך ארום.

pad'dle-shaft *n.* (פעד'ל-שעפט) די וואל וועלכע דרעהט דאס וואַסער־ראד [ביי א דאמפּף־שיף].

pad'dle-staff *n.* (פעד'ל-סטעף) דער שאַר־אייזען פון אקער־אייזען.

pad'dle-stea'mer *n.* (פעד'ל-סטיע'-מער) א דאמפּף־שיף, וועלכע ווערט בעטריבען פון רעדער.

pad'dle-wheel *n.* (פעד'ל-הוויעל) דאס רודער־ראד פון א דאמפּף־שיף.

pad'dock *n.* and *v.* (פעד'-אַק) א קליינע ארומגעצאַמטע לאָנקע, וואו עס פיטערען זיך פערד; פערשפּארען ווי אין אן ארומגעצאַמטער לאָנקע.

Paddock-pipe

pad'dock-pipe *n.* (פעד'-אַק פּאיפּ) זומפּ־שטרוי [אזא מין רעהרען־ארטיגע גראָזען, וואס וואַקסען אין זומפּען].

pad'dock-stone *n.* (פעד'-אַק-סטאָון) ז. *toadstone*.

pad'dockstool *n.* (פעד'-אַק-סטוהל) ז. *toadstool*.

Pad'dy *n.* (פעד'-אי) אן אירלענדער.

pad'dy *n.* and *a.* (פעד'-אי) א נאַרדאַמעריקאַנישע ענטעל; אין אַסט־אינדיען— רייז וואס איז נאך אין די זאנגען; נידריג, געמיין, ארעם.

pad'dy-field *n.* (פעד'-אי-פיעלד) א רייז־פעלד.

pad'-el'ephant *n.* (פעד'-על'-אי-פענט) אן עלעפאנט, וועלכען מען געברויכט צום פאהרען און צו ארבייטען [אין אונטערשייד פון אן עלעפאנט, וועלכען מען געברויכט צו יאַגד].

padel'la *n.* (פּיי-דעל'-א) אן אייזערען אדער ליימען שיסעלע מיט חלב און מיט א קנייטעל, וואס מען צינדט אן בעת אילומינאַציע.

pad'-groom *n.* (פעד'-גרוהם) א רייטענדער דיענער [וואס בעגלייט דעם רייטענדען בעל־הבית].

pa'dishah *n.* (פּא'-די-שא) דער פּאַדישאך אדער גרויסער קעניג [א טיטול פון טערקישען סולטאַן].

pad'lock *n.* and *v.* (פעד'-לאַק) א הענגשלאָס; פערשליסען מיט א הענג־שלאָס, אויפהענגען א שלאָס.

pad'-nag *n.* (פעד'-נעג) א פערד וואס לויפט לייכט, זאנפט, ניט שפּרינגענדיג.

pad'ow-pipe *n.* (פעד'-או-פּאיפּ) ז. *paddock-pipe*.

padro'ne *n.* (פּע-דראָו'-נע) אן איטאַליענישער קאַנטראַקטאָר פון ארבייטער [וואס שטעלט צו ארבייטער אין גרויסע מאַסען]; א בעל־הבית, א מייסטער; איינער [הויפּטזעכליך אן איטאַליענער], וואס פערדינגט שפּיעל־קעסטלעך אדער בעשעפטיגט קינדער צו בעטלען פאר איהם.

padron'ism *n.* (פּע-דראָנ'-איזם) דאס איטאַליענישע קאַנטראַקט־סיסטעם פון צושטעלען ארבייטער; דאס אריינברענגען איטאַליענישע קינדער אין א פרעמדען לאַנד און זיי צווינגען צו זינגען און צו בעטלען אין די גאסען.

pad the hoof (פעד טהי הוהף) געהן צו־פוס.

pad the streets (פעד טהי סטריעטס) מעסטען די גאסען.

pæ'an *n.* (פּיע'-ען) א הימנע, א לויבגעזאַנג, א דאַנק־געזאַנג; א קריעגסליעד; א טריאומף־ליעד; א זיעגעס־ליעד; א טומעלדיג, פרעהליך געזאַנג; א פערזען־פוס [אין דער אַלטער גריכישער פּאָעזיע] פון פיער זילבען: איינע א לאַנגע, די איבריגע דריי — קורצע.

pæ'anism *n.* (פּיע'-ען-איזם) אויסגעשרייען אדער ליעדער פון לויב אדער טריאומף; קריעגס־ליעדער, א קריעגס־רוף.

pæderas'tia *n.* (פּעד-ע-רעס'-טי-א) פּעדעראַסטיע. ז. *pederasty*.

pædeu'tics *n.* (פּי-דיו'-טיקס) פּעדאַגאַגיע, די לעהרע וועגען אונטעררריכט און ערציהונג.

pædobap'tism *n.* (פּיע-דא-בעפּ'-טיזם) ז. *pedobaptism*.

pædobap'tist *n.* (פּיע-דא-בעפּ'-טיסט) ז. *pedobaptist*.

pædonosol'ogy *n.* (פּיע-דא-נא-סאָל'-א-דזשי) ז. *pedonosology*.

pæ'on *n.* (פּיע'-אן) אין דער אַלט־גריכישער פּאָעזיע — א פערזען־פוס פון פיער זילבען: איינע א לאַנגע און די איבריגע דריי — קורצע.

pa'gan *n.* and *a.* (פּיי'-גען) א געצענדיענער: איינער וואס געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאַסישער גריכיש־רוימישער קולטור [אלס געגענזאַץ צו דער אידישער אדער קריסטליכער]; געצענדיענעריש; וואס געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאַסישער גריכיש־רוימישער קולטור.

pa'gandom *n.* (פּיי'-גען-דאָם) הייַדענטום, געצענדיענערטום.

pa'ganise *v.* (פּיי'-גען-איז) ז. *paganize*.

pa'ganish *a.* (פּיי'-גען-איש) געצענדיענעריש; וואס געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאַסישער גריכיש־רוימישער קולטור. ז. *pagan*.

pa'ganism *n.* (פּיי'-גען-איזם) געצענדיענסט; אנהענגערשאַפט צו דער קלאַסישער גריכיש־רוימישער קולטור [אלס געגענזאַץ צו דער אידישער אדער קריסטליכער]; דאס געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון דיעזער קולטור.

paganiza'tion *n.* (פּיי-גען-אי-זיי'-שאַן) דאס מאכען אדער ווערען א געצענדיענער אדער געצענדיענעריש; דאס זיין ניט אידיש־קריסטליך. ז. *paganism*.

pa'ganize *v.* (פּיי'-גען-איז) מאכען פאר א געצענדיענער; מאכען געצענדיענעריש; ווערען א געצענדיענער; אונטערוואַרפען אונטער'ן איינפלוס פון דער קלאַסישער גריכיש־רוימישער קולטור [אלס געגענזאַץ צו דער אידישער און קריסטליכער].

page *n.* and *v.* (פּיידזש) א זייט [פון א בוך, מאַנוסקריפּט א. ז. וו.]; א שריפט; א בוך; א פּאַזש [א בעדיענער, הויפּטזעכליך א אינגעל וואס בעדיענט א הויך־געשטעלטע פערזאָן]; א שלעפּען־טרעגער [אזא קלאַמער מיט א שנור אויפצוהויבען די שלעפּע פון א פרויען־קלייד]; א מין זיד־אַמעריקאַניש זומער־פויגעלע מיט גרינע און שווארצע פלעקען; נומערירען זייטען [פון א בוך, מאַנוסקריפּט א. ז. וו.]; צונויפשטעלען דרוק־שריפט אין זייטען; זיין א פּאַזש, בעדיענען אלס פּאַזש.

pag'eant *n.* and *a.* (פּעדזש'-ענט) א פּאַראַד, א ספּעקטאַקל, א ביהנע־פארשטעלונג; א גלענצענדע פּראַצעסיאָן; א בע־

וועגליכע פלאטפארמע אדער ביהנע; א טריאומף=וואגען; אן ארקע; פראכטפאל, פאראדנע.

pag'eantry *n.* (פעדזש'-ענ-טרי) פאראדנעקייט, פרעכטיגקייט; טעאטראלישקייט; א גלענצענדע פראצעסיאן; א טריאומףצוג.

page'-cord *n.* (פיידזש'-קאהרד) אין דרוקעריי — שטריקלעך, מיט וועלכע מען בינדט ארום די שריפט, וואס איז אויסגעשטעלט אין זייטלעך.

page'-gage *n.* (פיידזש'-גיידזש) א מאס צו בעשטימען די לענג פון א זייט פון דרוק=שריפט.

page'hood *n.* (פיידזש'-הוד) דער פאזשען=שטאנד; דאס זיין א פאזש.

page'-proof *n.* (פיידזש'-פרוהף) א זייטען=קארעקטור [געמאכט פון דעם שריפטזאץ, ווען ער איז שוין געשלאסען אין זייטען].

pag'ina *n.* (פעדזש'-אי-נא) די בלאטפלעכע [פון א פלאנצע].

pag'inal *a.* (פעדזש'-אי-נעל) 1. וואס בעשטעהט פון זייטען, וואס איז שייך צו זייטען [פון א בוך, למשל]; 2. וואס קומט זייטעל נאך זייטעל.

2. A verbal and paginal reprint.

pag'inate *v.* (פעדזש'-אי-נייט) נומערירען די זייטען [פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.].

pagina'tion *n.* (פעדזש-אי-ניי'-שאן) נומערירונג פון זייטען [אין א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.]; דאס נומערירען זייטען.

pa'ging *n.* (פיי'-דזשינג) נומערירונג [פון זייטען פון א בוך, מאנוסקריפט א. ז. וו.].

pa'ging-machine' *n.* (פיי'-דזשינג-מע-שין') א מאשין צו נומערירען די זייטען פון א בוך.

pago'da *n.* (פע-גאו'-דא) א פאגאדא [אין כינא, אינדיען, בורמא' — א הייליגער טורעם, עהנליך צו א פיראמידע און רייך בעדעקט מיט בעציערונגען אדער שניצונגען]; א קליינע פערציערטע געביידע, עהנליך צו א פאגאדא, איז וועלכער מען פערקויפט פערשיעדענע קלייניגקייטען; אזא גאלדענע אינדישע מטבע.



Pagodas

pago'da-tree *n.* (פע-גאו'-דא-טריא) א פאגאדא=בוים [א בוים אין אזיען וואס דערמאהנט מיט'ן אויסזעהן אן א פאגאדא]. ז. *pagoda*

pa'gus *n.* (פיי'-גאס) אין דער אלט-רוימישער מלוכה — א בעפעסטיגט דארף, וואו די ארומיגע איינוואהנער פלעגען זיך צוזאמענקלייבען, ווען א שונא פלעגט אויף זיי אנפאלען; אין פארצייטיגען ענגלאנד — א טייל פון א גראפשאפט.

pah *int. and n.* (פא) פע! [אן אויסדרוק פון עקעל אדער פעראכטונג]; אין ניי=זעעלאנד — א בעפעסטיגטער לאגער פון די מאארי [די דארטיגע איינגעבארענע].

Pah'lavi *n. and a.* (פא'-לע-ווי) פאלאווי, די שפראך פון די אלט=פערזישע הייליגע ביכער; וואס איז שייך צו דער פאלאווי=שפראך.

paid (פייד) געצאהלט, בעצאהלט. ז. *pay*

paid and aquit'ted (פייד ענד ע-קהוויט'-עד) בעצאהלט און קווטירט.

paid down (פייד דאון) בעצאהלט מזומן; איינגעצאהלט.

paideu'tics *n.* (פע-דיו'-טיקס) ז. *pædeutics*

paid up (פייד אפ) אין גאנצען אויסגעצאהלט.

pail *n.* (פייל) אן עמער.

pail'-brush *n.* (פייל'-בראש) א מין הארט בערשטעל, וואס ווערט בענוצט אין מילך=קראמען א. ד. ג. צו רייניגען כלים.

pail'ful *n.* (פייל'-פול) אן עמער=פול [וויפיעל עס קען ענטהאלטען א פולער עמער].

paillasse' *n.* (פע-ליעס') א שטרוי=מאטראץ; אן אונטער=מאטראץ.

pain *n. and v.* (פיין) שמערץ, יסורים, ליידען, פיין; אנגסט, זארג; מיה, מאטערניש; א שטראף; פעראורזאכען שמערץ, אנטהאן יסורים, קוועלען, פייניגען, קרענקען.

pained *a.* (פיינד) וואס ליידט וועהטאג אדער יסורים; וואס ציינט ארויס שמערץ.

pain'ful *a.* (פיינ'-פול) שמערצליך; פייניך; מיהזאם, שווער; וואס פאדערט אנשטרענגונג אדער פיעל אויפמערקזאמקייט.

pain'fully *adv.* (פיינ'-פול-אי) אויף א שמערצליכען, פייניכען אדער מיהזאמען אופן.

pain'fulness *n.* (פיינ'-פול-נעס) שמערצליכקייט; פייניכקייט, מיהזאמקייט.

pai'nim *n. and a.* (פיי'-נים) ז. *paynim*

pain'less *a.* (פיינ'-לעס) שמערצלאז, אהן שמערצען, אהן מיה.

pain'lessly *adv.* (פיינ'-לעס-לי) ניט ליידענדיג קיין וועהטאג אדער יסורים.

pain'lessness *n.* (פיינ'-לעס-נעס) שמערצלאזיגקייט; פיינלאזיגקייט.

pain of death (פיין אוו דעטה) טויט=שטראף.

pains *n.* (פיינז) וועהטאגען פון א געווינערין, חבלי לידה.

pains'taker *n.* (פיינז'-טיי-קער) א פלייסיגער, ארבייטזאמער מענש.

pains'taking *n. and a.* (פיינז'-טיי-קינג) פלייסיגקייט, מיהזאמקייט; ארבייטזאם, הארעפאשנע.

pains'takingly *adv.* (פיינז'-טיי-קינג-לי) אויף א פלייסיגען, מיהזאמען שטייגער.

pains'worthy *a.* (פיינז'-הוואיר-טהי) וואס עס פאדערט א שטארקע זארגפעלטיגע אויפמערקזאמקייט.

paint *v. and n.* (פיינט) פארבען, אבפארבען; מאלען מיט פארבען; דעקארירען, בעציערען; אנשטרייכען, שילדערען, פארשטעלען; בעשעפטיגען זיך מיט מאלעריי; פארבען דאס פנים, זיך שמינקען; שכור'ען; פארב; שמינקע [די פארב, מיט וועלכער מען פארבט דאס פנים]; אין דער פראדוקציאן פון גומי אדער רעזינע — דער שטאף וואס ווערט צוגעגעבען צו קאוטשוק צו מאכען איהם הארטער.

pain'table *a.* (פיינ'-טעבל) וואס קען געפארבט אדער געמאלט ווערען.

paint an eye (פיינט ען אי) מאכען א בלוי אויג [אנברעכען די ביינער].

paint'-box *n.* (פיינט'-באקס) דאס פארב=קעסטעל [פון א מאלער].

paint'-bridge *n.* (פיינט'-ברידזש) א הענגענדע פלאטפארמע, אויף וועלכער דער מאהלער שטעהט ביים מאהלען טעאטער=דעקאראציעס.

paint'-brush *n.* (פיינט'-בראש) דאס פענזעל פון א מאלער אדער פארבער.

pain'ted *a.* (פיינ'-טעד) געפארבט; אויסגעמאלט; קאלירט; געקינסטעלט, ניט רעאל, ניט עכט.

pain'ter *n.* (פיינ'-טער) א פארבער; א מאלער; א שטריק [צו בעפעסטיגען א שיף]; א פאנטער, א לעמפערט.

pain'ter's col'ic (פיינ'-טערז קאל'-איק) בליי=קאליק [א קראנקהייט וואס בעקומט זיך פון איינאטהעמען בליי=שטויב. פארבער ליידען מייסטענס פון דיעזער קראנקהייט].

pain'ter-stai'ner *n.* (פיינ'-טער-סטיי'-נער) א וואפען אדער שילדען=מאלער; א מיטגליעד פון א געוויסען לאנדאנער צעך אדער גילדע.

pain'tiness *n.* (פיינ'-טי-נעס) דאס האבען אויף זיך צופיעל פארב [וועגען א בילד].

pain'ting *n.* (פיינ'-טינג) מאלעריי; א געמעלדע, א בילד.

pain'ting in oil (פיינ'-טינג אין איל) אויל=מאלעריי.

paint the town red (פיינט טהי טאון רעד) שטיפען, קונדס'עווען, אנמאכען אונארדנונג און טומעל.

paint'-tube *n.* (פיינט'-טיוב) א רעהרעל פון דינעם, בויגזאמען מעטאל, וואס ענטהאלט מאלעריי=פארב.

paint'work *n.* (פיינט'-הוואירק) מאלעריי=ארבייט.

pain'ty *a.* (פיינ'-טי) צופיעל אנגעפארבט; בעפלעקט מיט פארב.

pair *n. and v.* (פעהר) א פאר; א פאר=פאלק; אין קויהלען=גרובען — א גרופע ארבייטער, וואס ארבייטען אין איין צייט; אין גזעצגעבערישע קערפערשאפטען [ווי פארלאמענט א. ד. ג.] — צוויי מיטגליעדער, וואס בעלאנגען צו גענגענזעצליכע פארטייען, ווען זיי מאכען אב צווישען זיך ניט אבצוגעבען זייערע שטימען; אין פאוקער=שפיעל — א פאר קארטען פון דעמזעלבען מין [ווי צוויי טייז, צוויי צווייטלעך א. ד. ג.]; פארען, מאכען א פאר; צונויפפארען, פעראייניגען א זכר מיט א נקבה; צופאסען איינס צו דעם אנדערען; זיך פארען; זיך פעראייניגען פארווייז.

pair and pair (פעהר ענד פעהר) פארווייז.

paired *a.* (פעהרד) איינגעטיילט אדער איינגעארדענט פארווייז; צוזאמענגעפארט [ווי א זכר מיט א נקבה]; געפארט [וועגען א מיטגליעד פון א געזעצגעבערישער קערפערשאפט, וועלכער קען ניט קומען אויף א זיצונג און ניט וועלענדיג פערלירען זיין שטימע, רעדט ער אב מיט

א מיטגליעדער פון דער געגנערישער פארטיי, אז יענער זאל אויך ניט שטימען].

pair'ing *n.* (פעהר'-אינג) אין א געזעצגעבערישער פערזאמלונג — אן אבמאך פון צוויי מיטגליעדער, וואס בעלאנגען צו צוויי געגען־פארטייען, אז ביידע זאלען ניט שטימען איבער א געוויסער פראגע.

pair'ing-sea'son *n.* (פעהר'-אינג-סיע'זן) די פארונגס־צייט [די צייט ווען חיות אדער פויגלען פארען זיך].

pair'ing-time *n.* (פעהר'-אינג-טאים) ז. ***pairing-season***.

pair'-oar *n.* (פעהר'-אור) א רודער־שיפעל וואס האט צוויי רודערס.

pair of col'ors (פעהר אוו קאל'-ארז) די צוויי פאהנען וואס מען טראגט פארוים א רעגימענט סאלדאטען אדער א פעראיין אין ענגלאנד און אמעריקא [איין פאהן א נאציאנאלע און די צווייטע א ספעציעלע פון דיעזען רעגימענט אדער פעראיין].

pair off (פעהר אף) אוועקגעהן אדער אבטיילען זיך פון א קאמפאניע פארווייז; ניט שטימען אויף א פערזאמלונג, אבמאכענדיג מיט איינעם פון דער געגנערפארטיי, אז ער זאל אויך ניט שטימען.

pair roy'al (פעהר ראי'-על) אין קארטען־שפיעל — דריי פון דעמזעלבינען מין [ווי דריי מלכים, דריי מלכות א. ד. ג.].

pair'-toed *a.* (פעהר'-טאוד) וואס האט די פינגער פארווייז, צוויי פון פארענט און צוויי פון הינטען [וועגען די פיס פון געוויסע פויגלען].

pair'wise *adv.* (פעהר'-הוואיז) פארווייז; אין פאר.

paja'mas *n.* (פע-דזשא'-מאז) אזא זארט ברייטע הויזען וואס ווערען געטראגען פון מאנספערזאנען און פרויענצימער אין אינדיען; א שלאף־אנצוג אדער מארגען־אנצוג וואס בעשטעהט פון לייכטע הויזען מיט א קורצען רעקעל.

pak'tong *n.* (פעק'-טאנג) כינעזישעם ניי־זילבער [א מעטאל־געמיש פון ניקעל, צינק און קופער].

pala'bra *n.* (פע-לא'-ברא) א ווארט; א גערייד.

pal'ace *n.* (פעל'-עס) א פאלאץ.

pal'ace-car *n.* (פעל'-עס-קאר) א סאלאן־וואגאן.

pal'ace-court *n.* (פעל'-עס-קאורט) דאס הויף־געריכט [אמאל אין ענגלאנד].

pal'adin *n.* (פעל'-ע-דין) דער פאלאדין, איינער פון די צוועלף ריטער, וועלכע זיינען געוועזען די מקורבים פון דעם פראנצויזישען קעניג קארל דעם גרויסען; א וואנדערענדער ריטער [ז. ***knight-errant***].

palæobot'any *n.* (פיי-לי-א-באט'-ע-ני) ז. ***paleobotany***.

pa'læograph *n.* (פיי'-לי-א-גרעף) ז. ***paleograph***.

palæog'raphy *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פי) ז. ***paleography***.

pa'læolith *n.* (פיי'-לי-א-ליטה) ז. ***paleolith***.

palæolith'ic *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-איק) ז. ***paleolithic***.

palæol'ogy *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשי) ז. ***paleology***.

palæontog'raphy *n.* (פיי-לי-אנ-טאנ'-רע-פי) ז. ***paleontography***.

palæontol'ogy *n.* (פיי-לי-אנ-טאל'-א-דזשי) ז. ***paleontology***.

palæornithol'ogy *n.* (פיי-לי-אהר-ני-טהאל'-א-דזשי) ז. ***paleornithology***.

Palæozo'ic *a.* (פיי-לי-א-זאו'-איק) ז. ***Paleozoic***.

palæozool'ogy *n.* (פיי-לי-א-זא-אל'-א-דזשי) ז. ***paleozoology***.

palæs'te *n.* (פע-לעס'-טי) אן אלט־גריכישע לענגען־מאס, א טפח [א פיערטעל פון א פוס].

palæs'tra *n.* (פע-לעס'-טרא) ז. ***palestra***.

palæs'trian *a.* (פע-לעס' טרי-ען) ז. ***palestrian***.

palæs'tric *a.* (פע-לעס'-טריק) ז. ***palestric***.

palankeen' *n.* (פעל-ען-קין') ז. ***palanquin***.

palanquin' *n.* (פעל-ען-קין') א פאלאנקין, א טראג־בעטעל בעדעקט מיט א דעכעל, וואס ווערט בענוצט אין אסט־אינדיען און כינא, אנשטאט אן עקיפאזש אדער קארעט.

Palanquin

palatabil'ity *n.* (פעל-ע-טע-ביל'-אי-טי) דאס זיין געשמאק אדער אנגענעהם.

pal'atable *a.* (פעל'-ע-טעבל) געשמאק; אנגענעהם, מחיה'דיג.

Our cook serves us with very **palatable** food.

pal'atableness *n.* (פעל'-ע-טעבל-נעס) ז. ***palatability***.

pal'atably *adv.* (פעל'-ע-טע-בלי) אויף א געשמאקען, אנגענעהמען אופן.

pal'atal *a. and n.* (פעל'-ע-טעל) וואס איז שייך צום גומען; וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט'ן גומען; דער גומען־ביין; א גומען־קלאנג [א קלאנג וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער הילף פון גומען, ווי "ג", "ק"].

pal'ate *n. and v.* (פעל'-אייט) דער גומען; דער געשמאק; פיהלען א געשמאק; פערזוכען.

pala'tial *a. and n.* (פע-ליי'-שעל) וואס געהערט צום גומען; וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א פאלאץ; פרעכטיג; א גומען־קלאנג [א קלאנג וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט דער הילף פון גומען, ווי "ג", "ק" א. ז. וו.].

palat'inate *n.* (פע-לעט'-אי-נייט) דאס אמט, די ווירדע אדער די הערשאפט פון א פאלאטין. ז. ***palatine***.

pal'atine *n. and a.* (פעל'-ע-טין) דער פאלאטין [א סאלדאט פון דער עהרען־וואך אין קייזערליכען פאלאץ אין אלטען רוים און אין קאנסטאנטינאפאל]; דער פפאלץ־גראף [דער אויבעררייכטער אין הויף פון די מיטעלאלטערליכע דייטשע און פראנצויזישע קעניגע]; איינער פון די גומען־ביינער; וואס איז שייך צו א פאלאץ; וואס דיענט אין קעניגליכען פאלאץ; וואס בענוצט זיך מיט קעניגליכע פריווילעגיעס; וואס איז שייך צום גומען־ביין.

palati'tis *n.* (פעל-ע-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון גומען.

pala'tum *n.* (פע-ליי'-טאם) דער גומען.

palav'er *v. and n.* (פע-לעוו'-ער) פיהרען א לאנגען שמועס אדער אונטעררעדונג; פלוידערען; פעררריידען די צייהן; שמייכלען, חנפ'ענען; א לאנגער שמועס; אן אונטעררעדונג; פלאפלעריי.

palaz'zo *n.* (פא-לאט'-סאו) א פאלאץ.

pale *a., n. and v.* (פייל) בלייך, בלאס; א פלאקען, א פערשפיצטער גרויסער שטעקען; אן אבגעצאמטער ארט; א גרענעץ, א ספערע; די טשערטא, דער תחום המושב; א לאפעטע [צו זעצען ברויט אין אויווען]; אן אינסטרומענט צו פרובירען קעז; ארומצאמען מיט פלעקער; איינשליסען, ארומרינגלען מיט עפעס; מאכען בלאס, פערטונקלען; בלייך ווערען.

palea'ceous *a.* (פיי-לי-איי'-שיאס) אזוי ווי מעקענע; פול מיט מעקענע [פלאווע].

pale ale (פייל אייל) אזא [העל־ביער מין ביער].

pale as death (פייל עז דעטה) טויט־בלייך.

pale'-eyed *a.* (פייל'-איד) מיט מאטע אויגען.

pale'face *n.* (פייל'-פיים) דאס בלאסע פנים [אזוי רופען די אמעריקאנער אינדיאנער די ווייסע מענשען].

pale'-faced *a.* (פייל'-פייסט) מיט א בלאסען געזיכט.

pale'-hear'ted *a.* (פייל'-האר'-טעד) שרעקעדיג, מוטלאז, נידערגעשלאגען.

pa'leiform *a.* (פיי'-לי-אי-פארם) וואס האט די פארם אדער דעם אויסזעהן פון מעקענע.

pale'ly *adv.* (פייל'-לי) בלאס, בלייך; מיט א בלאסען אויסזעהן.

pale'ness *n.* (פייל'-נעס) בלאסקייט, בלייכקייט.

pa'leo-anthrop'ic *a.* (פיי'-לי-או-ען-טהראפ'-איק) וואס איז שייך צום פאר־היסטארישען מענשען.

paleobot'any *n.* (פיי-לי-א באט' ע-ני) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פלאנצען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד.

paleocos'mic *a.* (פיי-לי-א-קאז'-מיק) וואס איז שייך צו דער ערד ווי זי איז געוועזען אין די פארצייטיגע געאלאגישע פעריאדען.

pa'leo-ethnol'ogy *n.* (פיי'-לי-או-עטה-נאל'-א-דזשי) די עטנאלאגיע פון די פארצייטיגע דורות [די לעהרע וועגען די פרימיטיווסטע פעלקער אין ראסען אויף דער ערד].

Pale of Set'tlement (פייל אוו סעט'ל-מענט) די "טשערטא", דער תחום [די בעשטימטע גובערניעס אין רוסלאנד, וואו אידען איז ערלויבט צו וואהנען אין די שטעדט].

pa'leograph *n.* (פיי'-לי-א-גרעף) א פאליאגראף, אן אלטער מאנוסקריפט.

paleog'rapher *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פער) איינער וואס שטודירט אלטע מאנוסקריפטען.

paleograph'ic *a.* (פיי-לי-א-גרעפ'-איק) פאלעאגראפיש, וואס איז שייך צו דער פארשונג פון אלטע מאנוסקריפטען.

paleograph'ical *a.* (פיי-לי-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. ***paleographic***.

paleograph'ically *adv.* (פיי-לי-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) דורך שטודירען אדער פארשען אלטע מאנוסקריפטען; בנוגע צו פאלעאגראפיע [פארשונג פון אלטע מאנוסקריפטען].

paleog'raphist *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פיסט) ז. *paleographer*

paleog'raphy *n.* (פיי-לי-אג'-רע-פי) פאלעאגראפיע; דאס שטודירען פארצייטיגע ארטען און מעטאדען פון שרייבען; די פארשונג פון אלטע מאנוסקריפּטען.

pa'leolith *n.* (פיי'-לי-א-ליטה) א פּאַלעאליט [אן ארומגעקלאפּטער אבער ניט קיין געשליפענער שטיין אלס ארבייטס-אינסטרומענט פון די סאמע פרימיטיווסטע מענשען].

paleolith'ic *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-איק) פאלעאליטיש, וואס איז שייך צו די עלטעסטע צייטען פון דער פארהיסטארישער שטיין-פעריאדע, ווען די איינציגע ארבייטס-אינסטרומענטען פון די דאמאלדיגע מענשען זיינען געווען בלויז שטיקער איינפאכע ניט געשליפענע שטיינער.

paleolith'ical *a.* (פיי-לי-א-ליטה'-אי-קעל) ז. *paleolithic*

paleol'ogist *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשיסט) א פאלעאלאגיסט, איינער וואס שטודירט אלטערטימליכקייטען.

paleol'ogy *n.* (פיי-לי-אל'-א-דזשי) פּאַלעאלאגיע, דאס שטודירען אלטערטימליכקייטען.

paleontograph'ical *a.* (פיי-לי-אנ-טא-גרעפ'-אי-קעל) פאלעאנטאגראפיש, וואס איז שייך צו דער בעשרייבונג פון פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleontog'raphy *n.* (פיי-לי-אנ-טאג'-רע-פי) פאלעאנטאגראפיע, די בעשרייבונג פון פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleontolog'ic *a.* (פיי-לי-אנ-טא-לאדזש'-איק) ז. *paleontological*

paleontolog'ical *a.* (פיי-לי-אנ-טא-לאדזש'-אי-קעל) פאלעאנטאלאגיש, וואס איז שייך צו פאלעאנטאלאגיע. ז. *paleontology*

paleontol'ogist *n.* (פיי-לי-אנ-טאל'-א-דזשיסט) א פאלעאנטאלאגיסט, איינער וואס שטודירט די פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע אויסגעשטארבענע חיות און פלאנצען.

paleontol'ogy *n.* (פיי-לי-אנ-טאל'-א-דזשי) פאלעאנטאלאגיע, די לעהרע וועגען די פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון פארצייטיגע ארגאניזמען, וועלכע האבען אמאל עקזיסטירט אויף דער ערד.

paleophytol'ogy *n.* (פיי-לי-א-פאי-טאל'-א-דזשי) ז. *paleobotany*

paleornithol'ogy *n.* (פיי-לי-אהר-ני-טהאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פויגלען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד.

paleotech'nic *a.* (פיי-לי-א-טעק'-ניק) וואס איז שייך צו פארהיסטארישער אדער פרימיטיווער קונסט.

pa'leous *a.* (פיי'-לי-אס) פול מיט מעקענע [פלעווע, פאלאווע]; ענליך צו מעקענע.

Paleozo'ic *a.* (פיי-לי-א-זאו'-איק) פאלעאזאאיש, וואס איז שייך צו די עלטעסטע פעריאדען אין דער געשיכטע פון דער ערד, ווען עס האבען שוין עקזיסטירט פערשיעדענארטיגע ארגאניזמען.

paleozool'ogy *n.* (פיי-לי-א-זא-אל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע חיות, וואס מען געפינט אין דער ערד.

Palestin'ian *a.* (פעל-עס-טינ'-אי-ען) וואס איז שייך צו פאלעסטינא אדער ארץ ישראל.

pales'tra *n.* (פע-לעס'-טרא) אין אלט-גריכענלאנד — די פאלעסטרא, אן עפענטליכער פלאץ פאר גימנאסטישע און אטלעטישע איבונגען; דאס ראנגלען זיך, אטלעטישע שפיעלען.

pales'tral *a.* (פע-לעס'-טרעל) ז. *palestric*

pales'trian *a.* (פע-לעס'-טרי-ען) ז. *palestric*

pales'tric *a.* (פע-לעס'-טריק) וואס איז שייך צו א פאלעסטרא אדער צו גימנאסטישע און אטלעטישע איבונגען. ז. *palestra*

pales'trical *a.* (פע-לעס'-טרי-קעל) ז. *palestric*

pal'etot *n.* (פעל'-ע-טאו) א פאלטא, אן אויבער-מאנטעל.

pal'ette *n.* (פעל'-עט) א פאליטרע [א פארדין פלאך ברעטעל מיט א לעכעל פאר'ן גראבען פינגער, וואס מאלערס געברויכען ארויפצולעגען פארב ווען זיי מאלען [ז. איל.]; דאס פאנאנדערלעגען די פארבען אויף א פאליטרע; עטוואס וואס איז ברייט און פלאך ווי א פאליטרע; ביי מעטאל-ארבייטער — די פלאכע פלאטע פון אן ענגבער אדער בויערער, אויף וועלכער דער ארבייטער שפארט זיך אן מיט דער ברוסט בעת ער בויערט; א לייכטע הילצערנע לאפעטקע, וואס ווערט בענוצט פון מאסאזשיסטען בעת'ן מאסאזש; א לייכט ברעטעלע, אין וועלכען מען באנדאזשירט א צובראכענע האנד; א קליינע מעטאלענע פלאטע, וועלכע בעדעקט דאס ארט וואו עס בינדען זיך צונויף די ענדען פון א פאנצער; א מין פאפוגאי.

Palette

pal'ette-knife *n.* (פעל'-עט-נאיף) אזא דינע לאפעטקע ענליך צו א מעסער, וואס ווערט בענוצט פון מאלער צו מישען די פארבען; אין דרוקעריי — א שטאהלענע פלאטע, מיט וועלכער די דרוקער גיבען צו פארב וואו עס איז נויטיג אין דרוקפרעס.

pal'frey *n.* (פאהל'-פרי) א רייט-פערד.

pal'freyed *a.* (פאהל'-פריד) וואס רייט אויף א רייט-פערד.

Pa'li *n. and a.* (פא'-לי) פאלי [די שפראך וואס ווערט געברויכט אין די הייליגע שריפטען פון די בודיסטען אין די דרום-ערטער פון אסט-אינדיען און אין ציילאן]; וואס איז שייך צו דער פאלי-שפראך.

palifica'tion *n.* (פעל-אי-פי-קיי'-שאן) דאס ארייננשלאגען פלעקער אדער סלופעס אין דער ערד, כדי צו פערפעסטיגען דעם גרונט.

palil'logy *n.* (פע-ליל'-א-דזשי) די ווידערהאלונג פון א ווארט אום צו פערשטארקען דעם איינדרוק [ווי למשל: הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדען!].

pal'impsest *n.* (פעל'-אימפ-סעסט) א פאלימפסעסט [א מאנוסקריפט וואס דער טעקסט איז טיילווייז אויסגעמעקט און איבערגעשריבען]; דאס וואס איז אויפסניי צוגעשריבען אנשטאט דעם אויסגעמעקטען.

pal'indrome *n.* (פעל'-אינ-דראום) דער פאלינדראם, א ווארט אדער א זאץ, וואס לעזט זיך אויף א גלייכען אופן פון רעכטס צו לינקס אדער פון לינקס צו רעכטס [ווי די ווערטער "מאדאם", "שמש" א. ד. ג.].

pa'ling *n.* (פיי'-לינג) א צאם פון פלעקער; א צאם פון אויסגעשטעלטע פערשפיצטע פלעקער אדער סלופעס.

palingene'sia *n.* (פעל-אינ-דזשע-ני'-סי-א) ז. *palingenesis*

palingen'esis *n.* (פעל-אינ-דזשען'-ע-סיס) פאלינגענעזיע, די ווידערגעבורט, ווידערבעשאפונג [ווי ביי די מעטאמארפאזען פון אן אינזעקט].

palingen'esy *n.* (פעל-אינ-דזשען'-ע-סי) ז. *palingenesis*

pal'inode *n.* (פעל'-אי-נאוד) די פאלינאדע, א פאעטיש געדיכט, וואו דער פאעט ציהט צוריק זיינע ווערטער, וואס ער האט געזאגט אין א פריהערדיגער סאטירע; דאס צוריקציהען די פריהערדיגע ווערטער.

palisade' *n. and v.* (פעל-אי-סייד') א פאליסאדע, א פארקאן וואס איז געמאכט געווארען פון אריינגעקלאפטע פערשפיצטע קלעצער אדער פלעקער אין דער ערד; ארומצאמען אדער ארומרינגלען מיט א פאליסאדע.

Palisade

palisa'do *n. and v.* (פעל-אי-סיי'-דאו) ז. *palisade*

palisan'der *n.* (פעל-אי-סענ'-דער) פאליסאנדער-האלץ [א מין רויט אויסטראליש האלץ, וואס ווערט געברויכט פאר טייערע מעבעל].

pa'lish *a.* (פיי'-ליש) בלייכליך; עטוואס בלאס.

palixan'der *n.* (פעל-איק-סענ'-דער) ז. *palisander*

pall *n. and v.* (פאהל) א דעקע; א מאנטעל; א שווארצע טוך, מיט וועלכער מען דעקט איבער אן ארון אדער מטה; דאס, וואס ברייננגט טרויער אדער שרעק; אן איבערדעק, א באלדאכין, א חופה; א מין פרכת, מיט וועלכען מען בעדעקט דעם אלטאר אין קירך; א מאנטיע, דער לאנגער, ברייטער אויבער-מאנטעל, וואס א קעניג אדער אן ערצבישאף טראגט אין דער צייט פון פייערליכע צערעמאניען; איבעלקייט, דאס פיהלען איבעלקייט; אויסדופטען, אויסוועפען, שוואך ווערען, אנווערען דעם טעם [ווי אויסגעוועפטער שנאפס]; מאכען שוואך, ענטמוטיגען.

pal'la *n.* (פעל'-א) א פאלא [אזא ברייטע טוך, וועלכע רוימישע פרויען פלעגען טראגען אלס אויבער-מאנטעל]; א טוך, מיט וועלכער מען בעדעקט דעם אלטאר אין א קירך.

Palla

palla'dium *n.* (פע-ליי'-די-אם) דאס בילד אדער סטאטוע פון דער אלט-גריכישער געטין פאלאדא, די בעשיצעריו פון דער שטאדט טראיא; דאס, וואס מען רעכענט פאר א שוץ אדער זיכערונג פון עפעס; פאלאדיום [א זעלטענער מעטאל, וועלכער איז ענליך צו פלאטין. איז איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען].

Pal'las *n.* (פעל'-עס) אין דער אלט-גרי-

כישער מיטאלאגיע — פאלאס אדער אטהענע, די געטין פון חכמה און מלחמה; איינער פון די קליינע פלאנעטען, וואס דרעהען זיך ארום דער זון און געפינען זיך צווישען מארס און יופיטער.

pall′-bear′er *n.* (פאהל′-בעהר′-ער) איינער וואס געהט נאך דער מטה ביי א לויה.

palles′cence *n.* (פע-לעס′-ענס) בלייכקייט, בלאסקייט.

palles′cent *a.* (פע-לעס′-ענט) בלאס ווערענד; בלאסליך, אביסעל בלייך.

pal′let *n.* (פעל′-עט) א שטרויענער געלעגער; א מאטראץ פון שטרוי; דאס דרעה־ברעטעל פון א טעפער [א רונדער הילצערנער אינסטרומענט, וועלכען טעפער בענוצען צו מאכען רונד און גלאט די ליימענע כלים]; א פאליטרע [ז. *palette*]; אין פערגילדונגס־ארבייט — דער אינסטרומענט, מיט וועלכען מען לעגט ארויף דאס גאלד־בלעטעל אויף'ן ארט וואו מען דארף בעגילדען; אין בוכבינדעריי — די מעטאלענע פלאטע, אין וועלכער עס ווערען איינגעפאסט די בוכשטאבען, וואס מען דארף אבדרוקען אויף'ן רוקען פון א בוך; אין אן ארגעל — די הילצערנע קלאפע, וועלכע לאזט אריין און שטופט ארויס די צוזאמענגעדריקטע לופט; דאס ברעט, אויף וועלכען מען טראגט אריבער נאך ניט אויסגעטריקענטע ציעגעל צו דעם ארט וואו מען טריקענט זיי; איינער פון די צוויי שפיצען פון א העמונגס־האקען, וועלכע פערהאלטען אדער רעגולירען די בעוועגונג פון א צאהן־רעדעל. ז. *escapement*

pal′lia *n.* (פעל′-אי-א) פאליומס; אל־טאר־דעקען; פעדער־עהנליכע וואלקענס; אזעלכע גלח'שע טלית'לעך. ז. *pallium*

pal′lial *a.* (פעל′-אי-על) וואס איז שייך צו א פאליום, מאנטעל אדער צודעק; וואס איז שייך צו דער אויבערשטער געפאלדעוועטער הויט פון א מאלוסק. ז. *pallium*

palliasse′ *n.* (פעל-יעס′) ז. *paillasse*

pal′liate *v.* (פעל′-אי-אייט) פערדעקען, בעהאלטען; מאכען, אז איינער זאל זיך ארויסווייזען ווייניגער שולדיג דורך פערדעקען איניגע פון זיינע חטאים; מילדערען, פערלייכטערען, פערגרינגערען [ווי פערלייכטערען א וועהטאג, ניט אויסהיילענדיג די קראנקהייט].

pallia′tion *n.* (פעל-אי-איי′-שאן) דאס פערקלענערען איינעמס שולד דורך פערדעקען איניגע פון זיינע חטאים; דאס פערלייכטערען, דאס פערגרינגערען.

pal′liative *a. and n.* (פעל′-אי-איי-טיוו) פערלייכטערענד, פערגרינגערענד; א פערלייכטערונגס־מיטעל, א לינדערונגס־מיטעל; א פאליאטיוו [א מיטעל צו פערלייכטערען עפעס, אבער ניט פערמיידען עס].

pal′liatory *a.* (פעל′-אי-ע-טא-רי) פערלייכטערנד, פערמילדערענד.

pal′lid *a.* (פעל′-איד) בלאס, בלייך.

pallid′ity *n.* (פע-ליד′-אי-טי) בלאסקייט, בלייכקייט.

pal′lidly *adv.* (פעל′-איד-לי) בלאס, בלייך.

pal′lidness *n.* (פעל′-איד-נעס) ז. *pallidity*

pal′lium *n.* (פעל′-אי-אם) ביי די אלטע רוימער — דאס פאליום [א ברייטע טוך, וואס פלעגט דיענען אלס אויבער־מאנטעל פאר מענער]; אזא מין טלית'על וואס געוויסע קאטוילישע בישאפען טראגען ביי קירכליכע צערעמאניעס [ז. איל.]; אן אלטאר־דעקע; די אויבערשטע געפאלדעוועטע הויט פון א מאלוסק; א פעדערען־עהנליכער וואלקען, וואס בעדעקט דעם גאנצען הימעל.



Pallium

pall-mall′ *n.* (פעל-מעל′) א מין שפיעל, וואו מען קלאפט אב א באל מיט א הילצערנעם האמער, דורכטרייבענדיג איהם דורך א קליין טויערעל; דער האמער וואס ווערט בענוצט אין דיעזען שפיעל; דער ארט פון דיעזען שפיעל.

pal′lor *n.* (פעל′-אר) בלייכקייט, בלאסקייט.

palm *n. and v.* (פאהם) די האנד־פלעכע, די דלאניע פון דער האנד; א טפח, א האנד־ברייט [אלס לענגען־מאס]; א פאלמע, א בוים פון די הייסע לענדער, ביי וועלכען די צווייגען און בלעטער וואקסען זיך פאנאנדער פון שפיץ אין דער פארם פון א פעכער; א צווייג אדער בלאט פון א פאלמע; דער ברייטער, פלאכער טייל פון א הירש־הארן; דער ברייטער, פלאכער טייל פון אן אנקער; אריינגעהמען אין האנד, בעהאנדלען מיט דער האנד; בעהאלטען אין דער האנד; אריינשווינדלען, ארויפצווינגען עפעס דורך שווינדעל.

Palms

pal′ma *n.* (פעל′-מא) די האנד־פלעכע [דלאניע]; דער קערפער־טייל פון א חיה, פויגעל אדער אינזעקט, וואס ענטשפרעכט דער האנד־פלעכע פון א מענשען.

pal′ma Chris′ti (פעל′-מא קריס′-טי) די ריצען־אויל פלאנצע [א בוים־ארטיג גראז, וואס וואקסט אין אסט־אינדיען און דרום־אמעריקא. פון די פרוכט־קערנער פון דיעזען גראז ווערט געמאכט ריצען־אויל]. ז. *castor-oil plant*

pal′mar *a. and n.* (פעל′-מאר) וואס איז שייך צו דער האנד־פלעכע [דלאניע]; א מוסקעל אדער נערוו וואס איז פערבונדען מיט דער האנד־פלעכע.

pal′mar arch (פעל′-מאר ארטש) די אויסגעבויגענע ארטעריע אדער שלאג־אדער אין דער האנד־פלעכע [דלאניע]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

pal′mary *a.* (פעל′-מע-רי) וואס איז ווערטה צו בעקומען די פאלמע; וואס איז דער ערשטער, דער הויפט.

pal′mate *a.* (פעל′-מייט) עהנליך צו אן אויסגעשטרעקטער האנד־פלעכע [דלאניע]; האנד־פערמיג; ברייט מיט פינגער־עהנליכע ארויסשטארצונגען [ווי דער הארן פון א הירש]; וואס האט פינף פאנאנדער־גענומענע לאפען [ווי די בלעטער פון געוויסע פלאנצען]; וואס האט פינגער אויף די פיס מיט צונויפגעוואקסענע הייטלעך צווישען זיי [ווי די פיס פון די שווים־פויגלען].

pal′mated *a.* (פעל′-מיי-טעד) ז. *palmate*

palma′tion *n.* (פעל-מיי′-שאן) דאס אננעהמען אדער האבען די פארם פון אן אויסגעשטרעקטער האנד־פלעכע [דלאניע] מיט פאנאנדערגעשפרייטע פינגער.

palm′-cab′bage *n.* (פאהמ′-קעב′-עדזש) די קנאספען אדער נאך ניט פאנאנדערגעלאזענע בלעטער פון געוויסע פאלמען, וועלכע ווערען געברויכט אין עסען.

paragog'ic *a.* (פער-ע-גאדזש'-איק) וואס האט א צוגעשטעלטען בוכשטאב אדער זילבע ביים ענד פון א ווארט; וואס געהערט צו דער צוזעצונג פון אן איבעריגען בוכשטאב אדער זילבע צום ענד פון א ווארט.

paragog'ical *a.* (פער-ע-גאדזש'-אי-קעל) ז. *paragogic*

par'agon *n. and v.* (פער'-ע-גאן) א מוסטער, א מאדעל; א דימענט וואס וועגט מעהר ווי 100 קאראט; אין דרוקעריי — פאראגאן [א געוויסער זארט שריפט]; א מין שווארצער מארמאר; פערגלייכען; שטעלען אין פערגלייך מיט'ן מוסטער.

par'agram *n.* (פער'-ע-גרעם) א פאראגראם, א ווארט=שפיעל, א קאלאמבור [ווי למשל: "קין איז ניט הבל" — קייען (עסען) איז ניט קיין נארישקייט].

paragram'matist *n.* (פער-ע-גרעמ'-ע-טיסט) א פאראגראמאטיסט, איינער וואס זאגט קאלאמבורען. ז. *paragram*

par'agraph *n. and v.* (פער'-ע-גרעף) א פאראגראף, אן אבזאץ [איינער פון די בעזונדערע זעצע, אויף וועלכע עס איז איינגעטיילט א שריפט אדער בוך]; א קורצער ארטיקעל אדער אנמערקונג [ווי אין א צייטונג]; א פאראגראף=צייכען [¶]; איינטיילען אין פאראגראפען; שרייבען קורצע ארטיקלען, ווי פאר א צייטונג.

par'agrapher *n.* (פער'-ע-גרעפ-ער) איינער, וועלכער שרייבט פאראגראפען אדער קורצע ארטיקלען [ווי אין א צייטונג].

paragraph'ic *a.* (פער-ע-גרעפ'-איק) וואס בעשטעהט פון פאראגראפען; וואס איז איינגעטיילט אין בעזונדערע פאראגראפען.

paragraph'ical *a.* (פער-ע-גרעפ'-אי-קעל) ז. *paragraphic*

paragraph'ically *adv.* (פער-ע-גרעפ'-אי-קעל-אי) דורך פאראגראפען, אין פאראגראפען.

par'agraphist *n.* (פער'-ע-גרעפ-איסט) ז. *paragrapher*

Par'aguayan *a. and n.* (פער'-ע-גהוויי-ען) וואס איז שייך צו פאראגוויי [א רעפובליק אין דרום=אמעריקא] אדער צו איהרע איינוואהנער; אן איינוואהנער פון פאראגוויי.

parahypno'sis *n.* (פער-ע-היפ-נאו'-סיס) אן אוננארמאלער שלאף [ווי אין היפנאטיזם אדער סאמנאמבוליזם].

par'akeet *n.* (פער'-ע-קיעט) ז. *parrakeet*

parala'lia *n.* (פער-ע-ליי'-לי-א) אן אונדייטליכע אויסשפראכע [ווי ביים געברויכען א "ל" אנשטאט א "ר"].

paraleip'sis *n.* (פער-ע-לאיפ'-סיס) ז. *paralipsis*

par'alepsis *n.* (פער'-ע-לעפ-סיס) ז. *paralipsis*

paralip'sis *n.* (פער-ע-ליפ'-סיס) אין רעטאריק — א פאראליפסיס, אן ארט אויסדרוק, ווען דער רעדנער פערשווייגט כלומר'שט עפעס אין דער צייט, ווען אין דער ווירקליכקייט שטרייכט ער עס אונטער [ווי למשל, "איך וויל אייך ניט דערמאנען וועגען מיין געגנערס שלעכטסקייט און נארישקייט"].

parallac'tic *a.* (פער-ע-לעק'-טיק) וואס געהערט צו א פאראלאקסע. ז. *parallax*

parallac'tical *a.* (פער-ע-לעק'-טי-קעל) ז. *parallactic*

par'allax *n.* (פער'-ע-לעקס) די פאראלאקסע, די שיינבארע אומבייטונג פון ארט פון א געגענשטאנד, ווען אין דער ווירקליכקייט האט זיך אומגעביטען נור דער פונקט, פון וועלכען מען קוקט אויף דיעזען געגענשטאנד [ווי למשל, ווען מיר קוקען אויף א געגענשטאנד דא מיט'ן רעכטען אויג, דא מיט'ן לינקען, דוכט זיך אונז, אז דער געגענשטאנד בייט אום עטוואס זיין ארט]; אין אסטראנאמיע — דער ווינקעל, וועלכער בילדעט זיך אוים פון צוויי ליניען, וואס ציהען זיך פון א שטערען: איינע צום צענטער פון דער ערד און די צווייטע צום בעאבאכטער.

par'allel *a., n. and v.* (פער'-ע-לעל) פאראלעל, גלייך=לויפענד; וואס געהט אין דערזעלבער ריכטונג; וואס האט דיזעלבע בייגונג; גלייך, עהנליך; א פאראלעלע ליניע אדער פלעכע [א ליניע אדער פלעכע וואס ציהט זיך אין דערזעלבער ריכטונג מיט אן אנדער ליניע אדער פלעכע און קען זיך מיט איהר קיינמאל ניט צוזאמענפאלען]; אין געאגראפיע — דער פאראלעלקרייז [איינער פון די אימאגינערע קרייזען, וועלכע ליעגען פאראלעל צום עקוואטאר פון דער ערד]; א פערגלייכונג פון צוויי זאכען, דורך שטעלען זיי איינע נעבען דער אנדערער; א זאך וואס איז עהנליך צו אן אנדערער; אין פארטיפיקאציאן — א טראנשיי אדער גראבען פאראלעל צום פראנט פון א פעסטונג; מאכען פאראלעל, שטעלען עפעס ביי דער זייט פון אן אנדער זאך; מאכען עהנליך צו עפעס; פערגלייכען; שטעלען איינס

גענגען דעם אנדערען; איבעראיינשטימען, זיין גלייך צו עפּעס.

parallelepip'ed *n.* (פער-ע-לעל-ע-פיפ'-עד) אין געאמעטריע — א פאראלעלאפיפעד, א זעקס=זייטיגער קערפער, ביי וועלכען די זייטען זיינען פאראלעלאגראמען. ז. *parallelogram*

parallelepip'edal *a.* (פער-ע-לעל-ע-פיפ'-ע-דעל) וואס האט די פארם פון א פאראלעלאפיפעד. ז. *parallelepiped*

par'allelism *n.* (פער'-ע-לעל-איזם) דאס זיין פאראלעל אדער אויף א גלייכער ענטפערנונג פון עפּעס; אן עהנליכקייט; א פערגלייכונג; אין פילאזאפיע — דער פאראלעליזם, די לעהרע, אז גייסט און מאטעריע זיינען ניט קיין פאלגע איינע פון די אנדערע, נאר זיי ביידע זיינען פאראלעלע ערשיינונגען פון איינער און דערזעלבער זאך [ווי א קרייז וועז מען קוקט אויף איהם פון דרויסען זעהט ער אוים קאנקאוו, און ווען מען קוקט אויף איהם פון אינוועניג זעהט ער אוים קאנוועקס].

par'allelize *v.* (פער'-ע-לעל-איז) מאכען פאראלעל.

par'allelly *adv.* (פער'-ע-לעל-אי) אויף א פאראלעלען שטייגער; גלייך, עהנליך.

parallel'ogram *n.* (פער-ע-לעל'-א-גרעם) א פאראלעלאגראם [א פיערזייטיגע פיגור אין וועלכער די ענטגעגענגעזעצטע זייטען זיינען פאראלעל].



Parallelogram

parallelogrammat'ic *a.* (פער-ע-לעל-א-גרע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א פאראלעלאגראם; אין דער פארם פון א פאראלעלאגראם. ז. *parallelogram*

parallelogrammat'ical *a.* (פער-ע-לעל-א-גרע-מעט'-אי-קעל) ז. *parallelogrammatic*

parallelogram'mic *a.* (פער-ע-לעל-א-גרעמ'-איק) פאראלעלאגראם=פערמיג. ז. *parallelogram*

parallelogram'mical *a.* (פער-ע-לעל-א-גרעמ'-אי-קעל) ז. *parallelogrammic*

parallel'ogram of for'ces (פער-ע-לעל'-א-גרעם אוו פאור'-סעז) דאס פאראלעלאגראם פון קרעפטען [דער פרינציפּ אין מעכאניק, אז ווען אויף א פונקט ווירקען צוויי קרעפטען אין פערשיעדענע ריכטונגען, דאן וועט די רעזולטירענדע קראפט, דאס הייסט דער רעזולטאט פון דיעזע ביידע ווירקונגען, לויט גרויס און ריכטונג, גלייך זיין דעם דיאגאנאל פון א פאראלעלאגראם, וואס זיינע ליניען ענטשפּרעכען דער גרויס און ריכטונג פון די צוויי ווירקענדע קרעפטען. צ. ב., ווען אויף דעם פונקט *A* ווירקט איין קראפט וואס איז גלייך לויט איהר גרויס און ריכטונג דער ליניע *AC* און א צווייטע קראפט וואס איז גלייך *AB*, דאן וועט די רעזולטירענדע קראפט זיין גלייך לויט גרויס און ריכטונג דער דיאגאנאל=ליניע *AD*].



Parallelogram of Forces

parallelopip'ed *n.* (פער-ע-לעל-א-פיפ'-עד) ז. *parallelepiped*

paral'ogism *n.* (פע-רעל'-א-דזשיזם) א פאראלאגיזם, א פאלשער געדאנקענגאנג, א סילאגיזם אדער שלוס=פאלגערונג, וואו דער שלוס פאלגט ניט פון זאץ [ווי למשל: "אלע שוסטער זיינען מענשען; אברהם איז א מענש; פאלגליך, אברהם איז א שוסטער].

paral'ogize *v.* (פע-רעל'-א-דזשאיז) דענקען פאלש; מאכען א פאלשע שלוס=פאלגערונג.

paral'ogy *n.* (פע-רעל'-א-דזשי) ז. *paralogism*

paral'ysis *n.* (פע-רעל'-אי-סיס) פאראליז, לעהמונג; אבשוואכונג; דאס זיין געלעהמט, דאס פערלירען די ענערגיע און טהעטיגקייט.

paralyt'ic *a. and n.* (פער-ע-ליט'-איק) וואס איז שייך צו א פאראליז; וואס ליידעט פון א פאראליז אדער לעהמונג; איינער וואס איז פאראליזירט אדער געלעהמט.

par'alyzant *n.* (פער'-ע-לאי-זענט) עטוואס וואס פערורזאכט פאראליז; א מעדיצינישער מיטעל וואס פערורזאכט פאראליז.

paralyza'tion *n.* (פער-ע-לי-זיי'-שאן) די לעהמונג; דאס פאראליזירען אדער אבנעהמען די פונקציאנען; דאס זיין פאראליזירט.

par'alyze *v.* (פער'-ע-לאיז) פאראליזירען; אבנעהמען די פונקציאנען; טויטען די טהעטיגקייט; מאכען אונמעכטיג אדער אונניציג.

paramagnet'ic *a.* (פער-ע מעג-נעט'-איק) פאראמאגנעטיש, וואס האט די אייגענשאפט צוגעצויגען צו ווערען פון א מאגנעט. ז. *paramagnetism*

paramag'netism *n.* (פער-ע-מעג'-נע-טיזם) פאראמאגנעטיזם, די אייגענשאפט פון געוויסע מעטאלען, ווי אייזען, ניקעל א. ד. ג. צוגעצויגען צו ווערען צו א מאגנעט [אין געגענזאץ צו דיאמאגנעטיזם]. ז. *diamagnetism*

paramat'ta *n.* (פער-ע-מעט'-א) פאראמאטא [א מין לייכטע צייג געוועבט פון וואל און באוועל].

parame'nia *n.* (פער-ע-מי'-ני-א) אן אונגארמאלע מענסטרואציע.

par'ament *n.* (פער'-ע-מענט) אן ארנאמענט, א פערציערונג; די אויסערליכע זייט פון א וואנד אדער שטיין; אן ארבעל=מאנזשעט.

par'aments *n.* (פער'-ע-מענטס) פאראדנע קליידער; א פאראדנער אוניפארם.

param'eter *n.* (פע-רעמ'-ע-טער) א פאראמעטער [אין מאטעמאטיק — א גרעסע וועלכע דיענט צו בעשטימען א פונקט, א ליניע אדער גרעסע אין א גלייכונג, וועלכע ענטהאלט א גאנצע רייה אזעלכע פונקטען, ליניען אדער גרעסען; א כארדע וועלכע געהט דורך דעם ברען=פונקט פערפענדיקולאר צו דעם הויפּט=אקס פון אן עליפּסע, היפּערבעל אדער פאראבעל]; די בעציהונג פון די דריי אקסען אין א קריסטאל, וועלכע בעשטימען די לאגע פון יעדער קריסטאל=פלעכע.

paramne'sia *n.* (פער-עמ-ני'-סי-א) א פאלשער זכרון [איינעמס איינגלויבונג, אז ער געדענקט אזעלכע זאכען, וועלכע ער האט אין דער ווירקליכקייט קיינמאל ניט געהערט און ניט געזעהן].

par'amorph *n.* (פער'-ע-מאהרף) אין מינעראלאגיע — א פאראמארף [א פאלש אויסגעבילדעטער מינעראל, וואס בעשטעהט פון דיזעלביגע כעמישע עלעמענטען ווי דער מינעראל, פון וועלכען ער האט זיך אויסגעבילדעט, נאר ער האט בעקומען אן אנדער מאלעקולארען געבוי און אנדערע פיזישע אייגענשאפטען].

paramor'phic *a.* (פער-ע-מאהר'-פיק) פאראמארפיש, וואס איז שייך צו א פאראמארף. ז. *paramorph*

paramor'phism *n.* (פער-ע-מאהר'-פיזם) אין מינעראלאגיע — פאראמארפיזם [די פערוואנדלונג פון איין מינעראל אין אן אנדערען, וואס בעשטעהט פון דיזעלביגע כעמישע עלעמענטען, נאר בעקומט אן אנדער מאלעקולארען געבוי און אנדערע פיזישע אייגענשאפטען].

paramorpho'sis *n.* (פער-ע-מאהר-פאו'-סיס) ז. *paramorphism*

paramor'phous *a.* (פער-ע-מאהר'-פאס) ז. *paramorphic*

par'amount *a. and n.* (פער'-ע-מאונט) העכסט; וואס איז דער העכסטער אדער וויכטיגסטער; פון העכסטען גראד; פראמינענט; הויך; ערהאבען; אויסגעצייכענט; דער העכסטער; דער הויפּט.

par'amountly *adv.* (פער'-ע-מאונט-לי) פון העכסטען גראד; מעשה גרויסער פריץ.

par'amour *n.* (פער'-ע-מוהר) א ליוּבאווניק, א געליעבטער פון א פערהייראטער פרוי; א ליובאווניצע, א געליעבטע פון א פערהייראטען מאן.

par'ang *n.* (פער'-ענג) א גרויס, שווער מעסער, וואס ווערט געברויכט אויף די מאלאאישע אינזלען אלס א האק=מעסער און אלס א שווערד.

Para'-nut *n.* (פע-רא'-נאט) ז. *Brazil-nut*

par'anymph *n.* (פער'-ע-נימף) אין אלט=גריכענלאנד — דער פאראנימף אדער אונטערפיהרער פון דער כלה [דער נעהנטסטער פריינד פון דער כלה, וועלכער פלעגט זי בעגלייטען אין פאטער'ס הויז]; אן אונטערשטיצער, אן אונטערהאלטער.

par'apegm *n.* (פער'-ע-פעם) אין אלט=גריכענלאנד — א מעטאלענער טאוועל אויפגעהאנגען אויף א וואנד אדער אויף א סלופּ אין אן עפענטליכען פלאץ, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט געוויסע תקנות, רעגעלען אדער דער לוח; א פארשריפט, א כלל.

parapeg'ma *n.* (פער-ע-פעג'-מא) ז. *parapegm*

par'apet *n.* (פער'-ע-פעט) אין א פעסטונג — דער פאראפעט אדער ברוסט=וועהר [אן אנגעשאטענער וואל נעבען דעם גראבען אדער טראנשיי]; די פערענטשע פון א בריק, א באלקאן א. ד. ג.; דער טייל פון קינבאק, וואו עס זיצען די צייהן.

par'apeted *a.* (פער'-ע-פעט-עד) וואס האט א פאראפעט. ז. *parapet*

par'aph *n. and v.* (פער'-עף) א צוק מיט דער פען אין אן אונטערשריפט: אונטערשרייבען זיך מיט א צוק ביים ענד.

paraphernа'lia *n.* (פער-ע-פויר-ניי'-לי-א) פוץ=ארטיקלען: פאראדנע קליידער אדער זאכען: נויטיגע קלייניגקייטען [ווי די, וואס א מענש בענוצט אויף א רייזע]: ציערונג; אין נעזעצגעבונג — פערזענליכע זאכען, וואס בעלאנגען צו א פרוי און אויף וועלכע דער מאן האט ניט קיין אייגענטומס=רעכט.

para'phia *n.* (פע-ריי'-פי-א) אן אונגארמאליטעט פון חוש=המשוש.

paraphimo'sis *n.* (פער-ע-פאי-מאו'-

סים) די פאראפימאזע אדער שפאנישער קראנגען [א קרענקליכער צושטאנד פון מענליכען געשלעכטס־ארגאן, ווען די ערלה ציהט זיך אריבער איבער דעם קעפעל פון גליעד און איהר עפנונג איז אזוי שמאל, דאס זי קען צוריק ניט קומען אויף איהר פלאץ].

parapho'nia *n.* (פער־ע־פאו'־ני־א) אן אוננארמאלע אדער קרענקליכע ענדערונג פון דער שטימע.

par'aphrase *n. and v.* (פער'־ע־פרייז) א פאראפראזע, דאס איבערזעצען אדער איבערגעבען א טעקסט ניט בוכשטעבליך, נאר צוגעבענדיג פיעל אייגענע ווערטער, כדי צו מאכען די געדאנקען פון מחבר מעהר פערשטענדליך; אין מוזיק — דאס צוגעבען צו א פרעמדער מוזיקאלישער קאמפאזיציאן פיעל אייגענע וואריאציאנען; מאכען א פאראפראזע, איבערגעבען איינעמס טעקסט מיט אייגענע ווערטער צו מאכען איהם קלאר און פערשטענדליך.

par'aphraser *n.* (פער'־ע־פריי־זער) איינער וואס גיט איבער א טעקסט ניט אין א בוכשטעבליכער איבערזעצונג, נאר אויף א בעשרייבענדען אופן [כדי צו מאכען איהם קלאר און פערשטענדליך].

paraph'rasis *n.* (פע־רעפ'־רע־סים) א פאראפראזע. ז. *paraphrase*

par'aphrast *n.* (פער'־ע־פרעסט) ז. *paraphraser*

paraphras'tic *a.* (פער־ע־פרעס'־טיק) פאראפראזיש; וואס האט דעם כאראקטער פון א פאראפראזע. ז. *paraphrase*

paraphras'tical *a.* (פער־ע־פרעס'־טי־קעל) ז. *paraphrastic*

paraphras'tically *adv.* (פער־ע־פרעס'־טי־קעל־אי) אויף א פאראפראזישען אופן; איבערגעבענדיג א טעקסט ניט בוכשטעבליך, נאר ברייט בעשרייבענדיג איהם.

paraphreni'tis *n.* (פער־ע־פרי־נאי'־טיס) די ענטצינדונג פון דער דיאפראגמע אדער צווערך־פעל. ז. *diaphragm*

paraplec'tic *a.* (פער־ע־פלעק'־טיק) ז. *paraplegic*

paraple'gia *n.* (פער־ע־פלי'־דזשי־א) א פאראליז פון דעם אונטערשטען טייל פון קערפער דורך א קראנקהייט אין רוקען־מארך.

paraple'gic *a.* (פער־ע־פלי'־דזשיק) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פאראליז פון אונטערשטען טייל פון קערפער; וואס ליידט פון אזא פאראליז. ז. *paraplegia*

par'aplegy *n.* (פער'־ע־פלי־דזשי) ז. *paraplegia*

parap'oplexy *n.* (פע־רעפ'־א־פלעק־סי) א צושטאנד עהנליך צו אפאפלעקסיע [פאראליז]; א פאלשער פאראליז.

parap'sis *n.* (פע־רעפ'־סים) ז. *paraphia*

par'aquet *n.* (פער'־ע־קעט) ז. *parrakeet*

parar'thria *n.* (פע־ראר'־טהרי־א) אן אוננארמאליטעט פון די שפרעך־ארגאנען; א שלעכטע אויסשפראכע.

par'asang *n.* (פער'־ע־סענג) דער פאראסאנג [א פערזישע און טערקישע לענגמאס, וואס ענטהאלט אונגעפעהר $3\frac{2}{5}$ ענגלישע מייל].

par'asceve *n.* (פער'־ע־סיוו) ערב שבת [דער טאג ווען מען גרייט אן אלץ אויף מארגען].

parasele'ne *n.* (פער־ע־סע־לי'־ני) די נעבען־לבנה [אן אבשיין אויף'ן הימעל, וואו עס דאכט זיך דאס מען זעהט צוויי אדער עטליכע לבנות].

Paraselenæ

par'asital *a.* (פער'־ע־סאי־טעל) ז. *parasitic*

par'asite *n.* (פער'־ע־סאיט) א פאראזיט, א חיה אדער פלאנצע, וואס ערנעהרט זיך פון אן אנדערענס קערפער; איינער וואס לעבט אויף דעם צווייטענס חשבון; א דארמאיעדניק.

parasit'ic *a.* (פער־ע־סיט'־איק) פאראזיטיש, ווי א פאראזיט; וואס איז שייך צו א פאראזיט [ז. *parasite*]; אן אוננויטיגער בוכשטאב וואס איז צוגעשטעלט צו א ווארט.

parasit'ical *a.* (פער־ע־סיט'־אי־קעל) ז. *parasitic*

parasit'ically *adv.* (פער־ע־סיט'־אי־קעל־אי) מעשה פאראזיט; אויף א פאראזיטישען אופן.

parasit'icide *n. and a.* (פער־ע־סיט'־אי־סאיד) א מיטעל צו פערניכטען פאראזיטען; וואס פערניכטעט פאראזיטען.

par'asitism *n.* (פער'־ע־סאי־טיזם) פאראזיטיזם; דאס זיין א פאראזיט; דאס לעבען אויף אן אנדערענס חשבון.

par'asitoid *a.* (פער'־ע־סאי־טאיד) ז. *parasitic*

parasitol'ogy *n.* (פער־ע־סאי־טאל'־א־דזשי) די לעהרע וועגען פאראזיטען. ז. *parasite*

par'asol *n. and v.* (פער'־ע־סאל) א פאראסאל, א זונען־שירם, א זאנטיק; האלטען א זונען־שירם; מאכען איבער זיך א שאטען.

parasolette' *n.* (פער־ע־סא־לעט') א קליינער זונען־שירם.

parasynax'is *n.* (פער־ע־סי־נעק'־סים) אן אונגעזעצליכע פערזאמלונג.

paratax'is *n.* (פער־ע־טעק'־סים) אין גראמאטיק — דאס צוזאמענבינדען זעצע אהן פערבינדונגס־ווערטער.

parath'esis *n.* (פע־רעטה'־ע־סים) אין גראמאטיק — די אפאזיציאן [א הויפט־ווארט, וואס ערקלערט א צווייטען הויפט־ווארט, שטעהענדיג מיט איהם אין דעמזעלבען קאזוס, ווי למשל: חמר — ווייז — שטעהט אין קעלער, חמר — אן עזעל — שטעהט אין שטאל]; אין רעטאריק — דאס וואס ווערט געזאגט אגב אורחא אדער אין קלאמערען מיט דעם ציעל אבצושטעלען זיך אויף דעם שפעטער גענויער; אין דער גריכיש־קאטוילישער קירך — א בעזונדערע תפילה וואס דער בישאף זאגט איבער אן ערשט־געטויפטען.

paraton'ic *a.* (פער־ע־טאנ'־איק) וואס פערהאלט אדער מאכט לאנגזאמער דעם וואוקס פון פלאנצען [בנוגע צו דער סומע פון ליכט וואסווירקט אויף דעם וואוקס פון פלאנצען].

par'atory *n.* (פער'־ע־טא־רי) א פלאץ, וואו עפעס ווערט צוגעגרייט; א פלאץ אין א קלויסטער אדער מאנאסטיר, וואו מען האלט די הייליגע זאכען וואס ווערען געברויכט פאר פערשיעדענע צערעמאניעס.

paravail' *a.* (פער־ע־ווייל') וואס איז דער נידריגסטער אדער געמיינסטער; אין פעאדאלען־רעכט — וואס איז שייך צו אן אונטערטהאן אדער לעהנס־פערפפליכטעטען פון אן אנדער אונטערטהאן.

par'bake *v.* (פאר'־בייק) באקען ווייניג, העלפט אויסבאקען; צו פיעל אנהיצען.

par'boil *v.* (פאר'־באיל) קאכען לייכט אדער ווייניג; מאכען האלב־געקאכט; אנברענען די הויט אזוי, אז עס זאלען ווערען אויף איהר בלעזלעך; צו פיעל אנהיצען.

par'buckle *n. and v.* (פאר'־באקל) א שטריק, וועלכער איז אויף א געוויסען אופן אנגעצויגען אום אויפצוהויבען אין דער הויך א משא; אויפהויבען אדער ארונטערלאזען א משא מיט דער הילף פון אזא אנגעצויגענעם שטריק.



Parbuckle

par'cel *n., v. and adv.* (פאר'־סעל) 1. א פעקעל; א בינטעל; 2. א בעשטאנד־טייל, א טייל; א שטיקעל; אן איינצעלהייט; 3. אן אבגעזונדערטער טייל פון א גאנצער צאהל; 4. אן אונבעשטימטע גרופע פון פערזאנען אדער זאכען; 5. א פארצעלע [א שטיק לאנד]; 6. מאכען א פעקעל; פאנאנדערטיילען אין בעזונדערע גרופען; אויסטיילען חלקים; טיילווייז, ביז א געוויסען גראד.

1. Please, send the **parcel** of tobacco to my house. 2. Every man is part and **parcel** of the society in which he lives. 5. My friend bought a **parcel** of land.

par'celing *n.* (פאר'־סעל־אינג) דאס ארומוויקלען א דיקען שטריק אדער קאנאט מיט א באנד לייווענד, וואס איז אנגעזאפט מיט טער אדער פעך; שטיקלעך לייווענד אנגעזאפט מיט פעך איינצואוויקלען א שטריק; אויסטיילונג, פאנאנדערטיילונג.

parcella'tion *n.* (פאר־סע־ליי'־שאן) פאנאנדערטיילונג.

par'celling *n.* (פאר'־סעל־אינג) ז. *parceling*

par'cel-of'fice *n.* (פאר'־סעל־אפ'־איס) אן ארט וואו מען נעהמט אן געפעק צו עקספעדירען.

par'cel out (פאר'־סעל אוט) אויס־טיילען.

par'cel post (פאר'־סעל פאוסט) די אבטיילונג פון דער רעגיערונגס־פאסט,

וועלכע נעהמט אן צו עקספעדירען פּאַקע־
טען און פּעקלעך.
par'cels *n.* (פּאַר׳־סעלז) אין געזעצגע־
בונג — דער טייל פון א קאָנטראַקט אָדער
אַנדער דאָקומענט, וואו עס ווערט גענוי
בעשריבען דאָס גאַנצע אייגענטום, וועגען
וועלכען עס האַנדעלט זיך אין דיזען קאָנ־
טראַקט.
par'cenary *n.* (פּאַר׳־סע־נע־רי) דער
מיט־בעזיץ אָדער געמיינשאַפטליכעס איי־
גענטום [ווען צוויי אָדער עטליכע יורשים
בעזיצען א ירושה וואָס קען ניט צוטיילט
ווערען].
par'cener *n.* (פּאַר׳־סע־נער) א מיט־
יורש, א מיט־אייגענטימער.
ז. *parcenary*.
parch *v.* (פּאַרטש) סמאַליען, צובאַקען,
בראָטען; טריקענען; דאַרען; ־טרוקען ווע־
רען.
par'chedness *n.* (פּאַר׳־טשעד־נעס)
אויסגעטריקענטקייט.
parchee'si *n.* (פּאַר־טשיע׳־סי)
ז. *pachisi*.
parchi'si *n.* (פּאַר־טשי׳־סי) ז. *pachisi*.
parch'ment *n. and v.* (פּאַרטש׳־מענט)
פּאַרמעט, פּערגאַמענט; א דאָקומענט גע־
שריבען אויף פּאַרמעט; פּערוואַנדלען אין
פּאַרמעט.
parch'mentize *v.* (פּאַרטש׳־מענ־טאַיז)
פערוואַנדלען אין פּאַרמעט.
parch'ment-ma'ker *n.* (פּאַרטש׳־
מענט־מיי׳־קער) א פּאַרמעט־מאַכער.
parch'ment pa'per (פּאַרטש׳־מענט
פּיי׳־פּער) פּאַרמעט־פּאַפּיער [אזא זאָרט
דיק פּאַפּיער].
parch'ment-skin *n.* (פּאַרטש׳־מענט־
סקין) פּאַרמעט־הויט [אזא קראַנקהייט פון
דער הויט, פון וועלכער זי ווערט טרו־
קען, האַרט און צורונצעלט].
parch'menty *a.* (פּאַרטש׳־מענ־טי)
פּאַרמעט־פּערמיג, ענליך צו פּאַרמעט.
par'cimony *n.* (פּאַר׳־סי־מאָ־ני) שפּאָר־
זאַמקייט. ז. *parsimony*.
par'close *n.* (פּאַר׳־קלאָוז) ז. *perclose*.
pard *n.* (פּאַרד) א לעמפּערט; א שותף,
א חבר.
pardi' *int. and adv.* (פּאַר־די׳) ביי
גאָט! טאַקע, אמת טאַקע, געוויס.
par'don *v. and n.* (פּאַרדן) פּערגעבען,
שענקען, בעגנאַדיגען, פּערצייהען, מוחל
זיין; די פּערגעבונג, דאָס שענקען; בע־
גנאַדיגונג; פּערצייהונג; מחילה.
par'donable *a.* (פּאַר׳־דאַנ־עבל) פּער־
צייהליך, פּערגעבליך; וואָס מען קען מוחל
זיין.
par'donableness *n.* (פּאַר׳־דאַנ־עבל־
נעס) פּערצייהליכקייט, פּערגעבליכקייט.
par'donably *adv.* (פּאַר׳־דאַנ־ע־בלי)
אויף א פּערצייהליכען אופן; אַזוי, אז
מען זאָל עס קענען מוחל זיין.
par'don-bell *n.* (פּאַר׳דנ־בעל) דאָס
קלינגען פון די קלויסטער־גלאָקען אין דער
פריה, נאָכמיטאָג און אין אָבענד.
par'don-chair *n.* (פּאַר׳דנ־טשעהר)
דאָס צימערל, וואו דער גלח זיצט בעת
מען איז זיך מתודה פאַר איהם.
par'doner *n.* (פּאַר׳־דאַנ־ער) א פּער־
צייהער, א פּערגעבער.
pardy' *int. and adv.* (פּאַר־די׳)
ז. *pardi*.
pare *v.* (פּעהר) אָבשניידען; בעשניידען;
אָבשיילען.
paregor'ic *a. and n.* (פּער־אי־גאָר׳־
איק) וואָס פּערלייכטערט א וועהטאָג; א
מיטעל צו פּערלייכטערען א וועהטאָג; א

טינקטור [לעזונג] פון אָפּיום, געמישט
מיט פּערשיעדענע אַראָמאַטישע זאַכען.
parencephali'tis *n.* (פּער־ענ־סעפ־ע־
לאַי׳־טיס) אן ענטצינדונג פון די קליינע
געהירען [דער הינטערשטער טייל פון
מאַרך].
parenceph'alon *n.* (פּער־ענ־סעפ׳־ע־
לאָן) די קליינע געהירען [דער הינטער־
שטער טייל פון מאַרך].
parenceph'alus *n.* (פּער־ענ־סעפ׳־ע־
לאָס) איינער ביי וועמען עס זיינען ווייניג
ענטוויקעלט די קליינע געהירען [דער הינ־
טערשטער טייל פון מאַרך].
paren'chyma *n.* (פּע־רענ׳־קי־מאַ) דאָס
פּאַרענכים, דאָס וועזענטליכע געוועבע פון
אן אבר, דורך וועלכען ער פיהרט דורך
זיינע ספּעציפישע פונקציאָנען, ווי דאָס
געוועבע פון מאַגען, וואָס אַרבייט אויס דעם
מאַגען־זאַפט, דאָס געוועבע פון לעבער, וואָס
אַרבייט אויס גאַל א. ד. ג. [אין געגענ־
זאַץ צו יענעם געוועבע פון אן אָרגאַן וואָס
דיענט נור אלס פּערבינדונגס־מיטעל מיט
אַנדערע אָרגאַנען]; אין באָטאַניק —
דאָס וועזענטליכע צעלען־געוועבע פון א
פּלאַנצע.
paren'chymal *a.* (פּע־רענ׳־קי־מעל)
וואָס איז שייך צו פּאַרענכים.
ז. *parenchyma*.
parenchymati'tis *n.* (פּער־ענ־קימ־ע־
טאַי׳־טיס) אן ענטצינדונג פון דעם פּאַ־
רענכים. ז. *parenchyma*.
paren'chyme *n.* (פּע־רענ׳־קאַים)
ז. *parenchyma*.
paren'esis *n.* (פּע־רענ׳־ע־סיס) דאָס
איינרעדען, דאָס איבערצייגען.
parenet'ic *a.* (פּער־אי־נעט׳־איק) אײ־
בעררעדענד, איינרעדענד, איבערצייגענד.
parenet'ical *a.* (פּער־אי־נעט׳־אי־קעל)
ז. *parenetic*.
par'ent *n.* (פּעהר׳־ענט) א פאָטער אָדער
א מוטער; די אורזאַכע, די קוועלע, דער
אורשפּרונג פון עפּעס.
par'entage *n.* (פּעהר׳־ענ־טעדזש) די
אַבשטאַמונג; קרובה׳שאַפט, פּערוואַנדשאַפט
[פון עלטערען און קינדער].
paren'tal *a.* (פּע־רענ׳־טעל) פעטערליך
אָדער מוטערליך; וואָס איז שייך צו על־
טערען.
Parenta'lia *n.* (פּער־ענ־טיי׳־לי־אַ)
אין אַלטען רוים — די פּאַרענטאַליען [יאָהר־
צייטען, וועלכע מען פלעגט פייערען אויף
די קברים פון געשטאָרבענע].
paren'thesis *n.* (פּע־רענ׳־טהע־סיס)
די פּאַרענטעזע, אן אריינגעשטעלטער זאַץ
[א זאַץ, וואָס ווערט אריינגעשטעלט אין
א צווייטען זאַץ אהן א גראַמאַטיקאַלישער
פערבינדונג מיט איהם, ווי למשל: "אָרעמ־
קייט — זאָגט דאָס פאָלק — איז ניט קיין
שאַנדע"]; די קלאַמערען אָדער האַלבע
לבנות ( ), אין וועלכע מען שליסט איין
א וואָרט אָדער זאַץ.
paren'thesize *v.* (פּע־רענ׳־טהע־סאַיז)
אריינשטעלען אין קלאַמערען; מאַכען
אָדער צייכענען אין דער פאָרם פון א האַל־
בער לבנה; געברויכען פּאַרענטעזען אין
שרייבען אָדער רעדען. ז. *parenthesis*.
parenthet'ic *a.* (פּער־ענ־טהעט׳־איק)
ז. *parenthetical*.
parenthet'ical *a.* (פּער־ענ־טהעט׳־אי־
קעל) וואָס איז שייך צו א פּאַרענטעזע
אָדער צו א זאַץ וואָס איז אריינגעשטעלט
אין אן אַנדער זאַץ אהן א גראַמאַטיקאַלי־
שער פערבינדונג; וואָס געברויכט פּאַרענ־
טעזען אין רעדען אָדער שרייבען; וואָס
איז אריינגעשטעלט אין קלאַמערען; וואָס

איז אויסגעבויגען ווי א האַלבע לבנה;
וואָס קומט פאָר ווי א פּאַרענטעזע, צופע־
ליג, אהן א נויטווענדיגער פערבינדונג מיט
דער פריהעריגער געשעהעניש.
parenthet'ically *adv.* (פּער־ענ־
טהעט׳־אי־קעל־אי) ווי א פּאַרענטעזע,
פּערביינגעהענדיג, אגב אורחא.
par'enthood *n.* (פּעהר׳־ענט־הוד) פאָ־
טערשאַפט אָדער מוטערשאַפט; דאָס זיין
א פאָטער אָדער מוטער.
par'er *n.* (פּעהר׳־ער) איינער וואָס בע־
שניידט עפּעס; איינער וואָס שיילט אָב
עפּעס; א מאַשין צום שיילען.
parereth'esis *n.* (פּער־ע־רעטה׳־ע־סיס)
א קראַנקהאַפטע אויפרעגונג.
parer'gon *n.* (פּע־רויר׳־גאָן) א צופע־
ליגע אַרבייט, א נעבען־אַרבייט.
par'esis *n.* (פּער׳־ע־סיס) א טיילווייז־
זער פּאַראַליז [א פּאַראַליז, וואו די מוס־
קולען פון קערפּער אָדער פון אן אָרגאַן
קענען זיך ניט בעוועגען, אָבער זיי האָבען
ניט אָנגעוואָרען זייער עמפּפינדליכקייט
אָדער פיהלונגס־פעהיגקייט].
paret'ic *n. and a.* (פּע־רעט׳־איק) איי־
נער וואָס איז טיילווייז פּאַראַליזירט;
וואָס איז שייך צו טיילווייזער פּאַראַליזי־
רונג.
pareu'nia *n.* (פּע־רוה׳־ני־אַ) ז. *coition*.
par excellence' (פּאַר עק־סע־לאַנס)
אויסגעצייכענטער אָדער וויכטיגער ווי
אַלע אַנדערע.
Champagne is the drink **par excellence**.
par'get *n. and v.* (פּאַר׳־דזשעט) גיפּס,
טינק, פּלאַסטער; שטוקאַטורע; טינקע־
ווען, פּלאַסטערען.
par'geter *n.* (פּאַר׳־דזשעט־ער) איינער
וואָס טינקעוועט, פּלאַסטערט אָדער שטו־
קאַטורעוועט.
par'geting *n.* (פּאַר׳־דזשעט־אינג) דאָס
טינקעווען אָדער שטוקאַטורעווען [פון א
הויז]; דאָס פּלאַסטערען.
parhe'lion *n.* (פּאַר־הי׳־לי־אָן) די נע־
בען־זון [א ליכט־קרייז אַרום דער זון,
אין וועלכען עס זעהען זיך כלומר׳שט צוויי
אָדער עטליכע זונען].

Parhelia

parhidro'sis *n.* (פּאַר־הי־דראָ׳־סיס)
אן אומנאָרמאַלעס שוויצען.
Pa'riah *n.* (פּיי׳־רי־אַ) א פּאַריאַ, איי־
נער פון דער נידריגסטער קאַסטע אָדער
קלאַס מענשען אין אינדיען, אויף וועלכע
מען קוקט מיט גרויס פּעראַכטונג און וועל־
כע מען בעהאַנדעלט ערגער ווי בהמות.
pa'riah *n.* (פּיי׳־רי־אַ) א פּאַריאַ, א
מיטגליעד פון א נידריגער אינדישער קאַס־
טע; א פּעראַכטעטער, א פּערשטויסענער.

par'ial *a.* (פער'-אי-על) פארוויין ; וואס איז שייך צו א פאר.

Pa'rian *a. and n.* (פיי'-רי-ען) וואס איז שייך צום אינזעל פאראס [אן אינזעל פון עגעאישען ים, וואו מען בעקומט זעהר ווייסען מארמאר]; א מין פארצעליי וואס איז עהנליך צו ווייסען מארמאר.

Pa'rian mar'ble (פיי'-רי-ען מארבל) דער פארישער מארמאר [ווייסער מארמאר=שטיין פון אינזעל פאראס].

Pa'rian porce'lain (פיי'-רי-ען פאהרס'-ליין) א מין פארצעליי וואס איז עהנליך צו ווייסען מארמאר.

paridro'sis *n.* (פאר-אי-דראו'-סיס) ז. *parhidrosis*.

pa'ries *n.* (פיי'-רי-איז) אין אנאטאמיע — א ווענטעל וואס רינגעלט ארום א חלל אין קערפער [ווי די ווענטלעך פון ברוסט=קאסטען אדער פון בויך]; אין באטאניק — די ווענטלעך פון זאמען=קאפסול ביי א פלאנצע.

pari'etal *a. and n.* (פע-ראי'-ע-טעל) וואס געהערט צו א וואנד ; וואס ליעגט ביי דער וואנד, וואס ליעגט ביי די זייטען ; דער רעכטער אדער לינקער ביין פון שארבען. ז. *paries*.

pari'etal bones (פע-ראי'-ע-טעל באונז) דער רעכטער און לינקער ביין פון שארבען וואס בילדען אוים דעם אויבערשטען טייל פון קאפ.

pari'etary *n.* (פע-ראי'-ע-טע-רי) דאס וואנד=קרויט. ז. *pellitory*.

par'ing *n.* (פעהר'-אינג) דאס ארומשניידען, דאס שיילען ; שאלעכץ ; דאס אראבגעשניטענע אדער אבפאל פון עפעס.

par'ing-chis'el *n.* (פעהר'-אינג-טשיז'-על) א שטעם=אייזען [אזא ברייטער פלאכער דלאט וואס ווערט בענוצט פון סטאליארעס].

par'ing-i'ron *n.* (פעהר'-אינג-אי'-ערן) א מין מעסער וואס ווערט בענוצט ארומצושיילען די קאפיטע פון א פערד ביים שמידען.

par'ing-knife *n.* (פעהר'-אינג-נאיף) א שייל=מעסער [א קרום מעסער וואס דיענט אבצושיילען עפעס].

par'ing-plow *n.* (פעהר'-אינג-פלאו) א מין אקער=אייזען, וועלכער ווערט בענוצט אויסצורייסען ווארצלען פון דער ערד.

pa'ri pas'su (פיי'-ראי פעס'-יו) מיט גלייכע טריט, זייט ביי זייט, אין פאלשטענדיגער איינשטימיגקייט.

The growth of America has been **pari passu** with the growth of immigration.

Par'is *n.* (פער'-אים) די שטאדט פאריז ; די איינבעערע [א דופטיגע פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסט איין יאגדע. געפינט זיך אויף די בערג אין אייראפא און אזיען].

Paris

Par'is green (פער'-אים גריען) פאריזער גרין [אזא העל=גרינע פארב, וועלכע איז זעהר גיפטיג].

par'ish *n. and a.* (פער'-איש) א קירכען=בעצירק ; א קירכען=געמיינדע ; א בעצירק, א דיסטריקט ; די איינוואהנער פון א געוויסען בעצירק אדער דיסטריקט ; וואס איז שייך צו א קירכען=בעצירק אדער קירכען=געמיינדע ; וואס ווערט אויפגעהאלטען דורך דער געמיינדע ; דארפיש ; פראווינציעל.

par'ish bea'dle (פער'-איש ביעדל) א שמש, א געמיינדע=דיענער.

par'ish clerk (פער'-איש קלוירק) א שמש אין א קירך.

parish'ional *a.* (פע-ריש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א בעצירק ; וואס איז שייך צו א קירכען=געמיינדע.

parish'ioner *n.* (פע-ריש'-אנ-ער) א מיטגליעדער פון א קירכען=געמיינדע ; אן איינוואהנער פון א געוויסען בעצירק אדער דיסטריקט.

par'ish poor (פער'-איש פוהר) אן ארימאן וואס לעבט אויף'ן חשבון פון דער קהלה.

par'ish priest (פער'-איש פריעסט) דער גלח פון א געוויסער קירכען=געמיינדע.

par'ish rate (פער'-איש רייט) די טאקסע וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף די מיטגליעדער פון א קירכען=געמיינדע אויסצוהאלטען ארימע לייט.

par'ish sys'tem (פער'-איש סיס'-טעם) די סיסטעם, דורך וועלכער מיטגליעדער פון א געוויסער קירך זיינען פעראייניגט אין א בעזונדערער געמיינדע, וועלכע האט א רעכט צו נעהמען אנטייל אין די וואהלען פון א פאסטאר.

par'ish watch (פער'-איש הוואטש) א פאליציסט פון א געמיינדע, בעצירק אדער דיסטריקט.

Paris'ian *a. and n.* (פע-ריזש'-יען) וואס איז שייך צו פאריז [די הויפט=שטאדט פון פראנקרייך]; א פאריזער, אן איינוואהנער פון פאריז.

Parisienne' *n.* (פע-רי-זי-ען') א פאריזערין, א פרויענצימער פון פאריז.

parisyllab'ic *a.* (פער-אי-סי-לעב'-איק) גלייך=זילביג ; וואס האט דיעזעלבע צאהל זילבען.

parisyllab'ical *a.* (פער-אי-סי-לעב'-אי-קעל) ז. *parisyllabic*.

par'ity *n.* (פער'-אי-טי) גלייכקייט ; אנאלאגיע ; פעהיגקייט צו האבען קינדער.

park *n. and v.* (פארק) א פארק ; א שפאציער=גארטען ; א לוסט=גארטען ; א בולוואר ; אן ארומגעצאמטער פלאץ פאר בהמות אדער חיות ; א פלאץ, וואו מען האלט זאכען וואס זיינען נויטיג פאר'ן מיליטער ; די מיליטערישע זאכען וואס ווערען געהאלטען צוזאמען אין אזא פלאץ; א פאלשטענדיגער גאנג קאנאנען, אינסטרומענטען א. ז. וו. ; א פלאץ, וואו מען האדרעוועט אוים אויסטערס ; ארומצאמען אדער איינשליסען [ווי אין א פארק]; צוזאמענברייינגען [ווי מיליטערישע זאכען].

par'king *n.* (פאר'-קינג) פארקס [קאלעקטיוו]; א בולוואר ; דאס צונויפזאמלען מיליטערישע אויסשטאטונג.

par'kish *a.* (פאר'-קיש) עהנליך צו א פארק ; וואס איז שייך צו א פארק.

park'-kee'per *n.* (פארק'-קיע'-פער) א פארק=אויפזעהער.

park'leaves *n.* (פארק'-ליעווז) יאהאנים=קרויט [אזא גראז]. ז. *Hypericum*.

park'way *n.* (פארק'-הוויי) א ברייטער וועג אדער שפאציער=גאנג פערפלאנצט פון ביידע זייטען מיט ביימער.

par'lance *n.* (פאר'-לענס) א געשפרעך, א שמועס ; א שפראך ; אן אויסדרוקס=פארם.

parlan'do *a.* (פאר-לאנ'-דא) אין מוזיק — דעקלאמירענד, אין רעטשיטאטיוו [מעהר גערעדט ווי געזונגען].

parlan'te *a.* (פאר-לאנ'-טע) ז. *parlando*.

par'ley *n. and v.* (פאר'-לי) א געשפרעך, א שמועס ; אן אונטעררעדונג, אן אונטערהאנדלונג ; א האניג=לעקעכל ; שמועסען ; אונטערהאנדלען ; ארויסרעדען ; רעדען.

par'leying *n.* (פאר'-לי-אינג) אן אונטעררעדונג, אן אונטערהאנדלונג.

par'liament *n.* (פאר'-לי-מענט) א פארלאמענט ; א זיך בעראטענדע פערזאמלונג.

parliamen'tal *a.* (פאר-לי-מענ'-טעל) פארלאמענטאריש.

parliamenta'rian *a. and n.* (פאר-לי-מענ-טיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו א פארלאמענט, פארלאמענטאריש ; אן אנהענגער פון פארלאמענט ; א פארלאמענטאריער ; א פארלאמענטארישער אנפיהרער אדער דעבאטאנט ; איינער וואס איז בעקאנט מיט פארלאמענטארישע מנהגים און פראצעדורען.

He has the reputation of a **parliamentarian**.

Parliamenta'rian *a. and n.* (פאר-לי-מענ-טיי'-רי-ען) אין דער געשיכטע פון ענגלאנד — וואס האט געדיענט אדער איז געווען אן אנהענגער פון דעם ”לאנגען פארלאמענט” [אונטער דיעזען נאמען איז בעקאנט דער פארלאמענט וואס האט מיט אונטערברעכונגען עקזיסטירט פון 1640 ביז 1660, אדער דער פארלאמענט פון 1661]; אן אנהענגער פון דעם ”לאנגען פארלאמענט”; איינער וואס האט געשטיצט די דערמאהנטע פארלאמענטען געגען די קעניגע טשארלס דעם ערשטען און טשארלס דעם צווייטען.

parliamenta'rianism *n.* (פאר-לי-מענ-טיי'-רי-ענ איזם) פארלאמענטארישע געזעצגעבונג ; אנהענגערשאפט צו א פארלאמענטארישער רעגיערונגס=פארם.

parliamen'tarily *adv.* (פאר-לי-מענ'-טע-רי-לי) אויף א פארלאמענטארישען שטייגער.

parliamen'tarism *n.* (פאר-לי-מענ'-טע-ריזם) פארלאמענטאריזם, א פארלאמענטארישע רעגיערונגס=פארם [ד. ה. וואו דאס לאנד ווערט רעגיערט דורך געוועהלטע פארשטעהער פון פאלק]; א פארלאמענטארישע רעגיערונגס=סיסטעם, וואו די אדמיניסטראטיווע מאכט אדער די מיניסטארען זיינען פעראנטווארטליך פאר'ן פארלאמענט און ווען די מעהרהייט פון פארלאמענט שטימט געגען די פלענער פון די מיניסטארען, דארפען זיי רעזיגנירען.

parliamen'tary *a. and n.* (פאר-לי-מענ'-טע-רי) פארלאמענטאריש; וואס קומט פון פארלאמענט ; א פארלאמענטאריער, א מיטגליעד פון פארלאמענט ; איינער וואס איז בעקאנט מיט פארלאמענטארישע כללים און פראצעדורען ; א פארלאמענטער [א שליח געשיקט צו פערהאנדלען מיט א שונא]; א ביליגער פאסאזשיר=צוג [אין ענגלאנד. ז. *parliamentary train*].

parliamen'tary bor'ough (פאר-לי-מענ'-טע-רי באר'-או) א שטאדט וואס האט א רעכט צו האבען א פערטרעטער אין פארלאמענט.

parliamen'tary burgh (פאר-לי-מענ'-טע-רי בוירג) ז. *parliamentary borough*.

parliamen'tary law (פאר־לי־מענ־ טע־רי לאה) די פארלאמענטארישע מנהגים און פראצעדורען.

parliamen'tary train (פאר־לי־ מענ־טע־רי טריין) אין ענגלאנד — א ביליגער פאסאזשיר־צוג פון דריטען קלאס וואס מוז, לויט דער פעראָרדנונג פון פאר־ לאמענט, לויפען אם וועניגסטען איין מאל אין טאג און מוז רעכענען ניט מעהר ווי צוויי פענים [4 סענט] א מייל; א שלעפ־צוג.

par'liament-cake n. (פאר'־לי־מענט־ קייק) האניג־לעקעכלעך.

parliamenteer' v. (פאר־לי־מען־טיער') זיין א קאנדידאט פאר'ן פארלאמענט; זיך בעשעפטיגען מיט פארלאמענטארישע ענינים.

par'liament-roll n. (פאר'־לי־מענט־ ראָול) א פראטאקאל פון די פערהאנד־ לונגען אין פארלאמענט.

par'-line n. (פאר'־לאַין) די גרונד־ליניע, דער באזים; דער נארמאלער שטאנד.

par'lor n. (פאר'־לאָר) א סאלאן, א זאל; א גאסט־צימער, א וויזיט־צימער; א שפרעך־צימער, אן אלגעמיינעם צימער אין א שפיטאל, האטעל, פאנסיאן א. ז. וו.

par'lor-boar'der n. (פאר'־לאָר־ באור'־דער) א פאנסיאנער וואס האט ספע־ ציעלע פריווילעגיעס [וואס לעבט צוזא־ מען אדער איז אויף קעסט ביי די אויפזע־ הער אדער בעל הבתים פון פאנסיאן].

par'lor-car n. (פאר'־לאָר־קאר) א סא־ לאָן־וואגאן [א פאסאזשיר־וואגאן רייכער אויסגעשטאטעט ווי די געוועהנליכע וואַ־ גאנען].

par'lor-jump v. (פאר'־לאָר־דזשאמפ) בעגעהן א גנבה אריינברעכענדיג זיך דורך די פענסטער.

par'lor-jum'ping n. (פאר'־לאָר־ דזשאמ'־פינג) דאס איינברעכען זיך אין א הויז [פון גנבים] דורך די פענסטער.

par'lor-maid n. (פאר'־לאָר־מייד) א הויז־מיידעל, א דיענסט־מיידעל, וואס איז בעשעפטיגט נור אין עס־צימער און אין אנדערע פאראדנע צימערען.

par'lor-mai'ding n. (פאר'־לאָר־מייי'־ דינג) די ארבייט אדער בעשעפטיגונג פון א הויז־מיידעל. ז. *parlor-maid*

par'lor-match n. (פאר'־לאָר־מעטש) א סאלאן־שוועבעלע [שוועבעלעך געמאכט אהן שוועבעל אדער מיט זעהר וועניג שוועבעל, אזוי אז עס פיהלט זיך פון זיי ניט קיין אזנאנגענעהמער גערוך].

par'lor-or'gan n. (פאר'־לאָר־אָהר'־ גען) א הויז־ארגעל. ז. *harmonium*

par'lor-skate n. (פאר'־לאָר־סקייט) ראָל־גליטש־שיך [גליטש־שיך אויף רעד־ לעך]. ז. *roller-skate*

Parnas'sia n. (פאר־נעס'־אי־א) די פּארנאס־פלאנצען אדער זומפ־הארצבלאט [א מין זעהר שעהנע גראזען וואס וואק־ סען אין קאלטע און פייכטע געגענדען].

Parnas'sian a. (פאר־נעס'־יען) וואס איז שייך צום פארנאס [א בארג אין גריכענלאנד, וואס איז, אין דער גריכישער מיטאלאגיע, געווען בעוואהנט פון די מו־ זען].

parnas'sian a. and n. (פאר־נעס'־יען) אן אפאלא־זומער־פויגעלע [א ווייסער אינ־ זעקט, געלב געפלעקט. האלט זיך אין די אלפען־געגענדען אין אייראפא און אין די ראקי [פעלזען]־בערג אין אמעריקא].

Parnas'sus n. (פאר־נעס'־אָס) פּאר־ נאס [א בארג אין גריכענלאנד, אויף וועל־ כען עס האבען, לויט דער גריכישער מיי־ טאלאגיע, זיך געפונען די מוזען]; א וואהן־ארט פון פאעטען; א זאמלונג פון פאעזיע און שעהנער ליטעראטור.

paro'chial a. (פע־ראו'־קי־על) וואס איז שייך צו א קירכען־בעצירק, וואס איז שייך צו א געמיינדע; לאקאל, פראווינצי־ על; ענג, איינזייטיג.

paro'chialise v. (פע־ראו'־קי־על־איז) ז. *parochialize*

paro'chialism n. (פע־ראו'־קי־על־ איזם) פערוואלטונג דורך געמיינדע־פאר־ שטעהער; אדמיניסטראטיווע פאנאנדער־ טיילונג אין געמיינדען אדער קירכען־בע־ צירקען; פראווינציאליזם; בעשרענקט־ קייט, שמאל־קעפיגקייט, א בעשרענקטער בליק, איינזייטיגקייט.

paro'chialize v. (פע־ראו'־קי־על־איז) פאנאנדערטיילען אין געמיינדען אדער קירכען־בעצירקען.

paro'chially adv. (פע־ראו'־קי־על־אי) אין דעם קירכען־בעצירק; דורך דער גע־ מיינדע; קירכען־בעצירק נאך קירכען־בע־ צירק.

parod'ic a. (פע־ראד'־איק) פאראדיש, ווי א פאראדיע [א לעכערליכע אדער שפאסיגע ליטעראַרישע נאכאהמונג].

parod'ical a. (פע־ראד'־אי־קעל) ז. *parodic*

parod'ically adv. (פע־ראד'־אי־קעל־ אי) ווי א פאראדיע, אין דעם סטיל פון א שפאסיגער אדער לעכערליכער ליטערא־ רישער נאכאהמונג.

par'odist n. (פער'־א־דיסט) א פארא־ דיען־שרייבער, א שרייבער פון שפאסיגע אדער לעכערליכע ליטעראַרישע נאכאהמונ־ גען.

par'ody n. and v. (פער'־א־די) א פא־ ראדיע [א לעכערליכע אדער שפאסיגע ליטעראַרישע נאכאהמונג]; א לעכערליכע אדער שפאסיגע נאכאהמונג; מאכען א פא־ ראדיע.

parœmiog'rapher n. (פע־ריע־מי־ אג'־רע־פער) א שרייבער פון שפריכווער־ טער.

parol' n. and a. (פע־ראול') ז. *parole*

parole' n., a. and v. (פע־ראול') א פא־ ראלע, א לאזונג, א פאסיר־ווארט; א ווארט; אן עהרענווארט; א מינדליכער אויסדרוק, ערקלערונג אדער פערשפרעכען; אן ערקלערונג אין געריכט; מינדליך; ניט געשטעמפעלט [וועגען א דאקומענט]; בע־ פרייען אויף עהרענווארט; אננעהמען אן עהרענווארט אדער מינדליכען פערשפרע־ כען.

parole'-arrest' n. (פע־ראול'־ע־רעסט') אן ארעסט געמאכט אויף א מינדליכען בע־ פעהל פון א ריכטער.

paromol'ogy n. (פער־א־מאל'־א־דזשי) אין רעטאריק — אן אויסדרוק, דורך וועל־ כען מען גיט עפעס צו דעם געגנער מיט'ן צוועק צו פערשטארקערען די אייגענע אר־ גומענטען.

paronoma'sia n. (פער־א־נא־מיי'־סי־ א) ז. *paronomasy*

paronomas'tic a. (פער־א־נא־מעס'־ טיק) עהנליך צו א ווארט־שפיעל, ווי א ווארט־שפיעל.

paronomas'tical a. (פער־א־נא־מעס'־ טי־קעל) ז. *paronomastic*

paronom'asy n. (פער־א־נאמ'־ע־סי) פאראנאמאסיע, א ווארט־שפיעל, געברויך פון עהנליך־קלינגענדע ווערטער פון פער־ שיעדענער בעדייטונג, געברויך פון איין און דעמזעלבען ווארט אין פערשיעדענע בעדייטונגען.

Paronych'ia n. (פער־א־ניק'־אי־א) קנאָרפּעלקרויט [א מין גראזען].

paronych'ia n. (פער־א־ניק'־אי־א) א נאגעל־געשוויר, אן ענטצינדונג ארום נא־ געל.

par'onym n. (פער'־א־נים) א פאראנים [איינס פון צוויי ווערטער וואס ווערען ארויסגערעדט אויף'ן זעלבען שטייגער, ווערען אבער אנדערש געשריבען און הא־ בען פערשיעדענע בעדייטונגען, ווי למשל: "שטעהן" און "שטיין"; א ווארט פון איין שפראך וואס איז כמעט עהנליך צום זעל־ בען ווארט פון אן אנדער שפראך, ווי "קא־ נאל" און "canal"; א ווארט וואס שטאמט פון אן אנדער ווארט, ווי "גרוים־ קייט" פון "גרויס"].

paronym'ic a. (פער־א־נימ'־איק) פא־ ראנימיש. ז. *paronym*

paronymisa'tion n. (פע־ראנ־אי־מי־ זיי'־שאן) ז. *paronymization*

paron'ymise v. (פע־ראנ'־אי־מאיז) ז. *paronymize*

paronymiza'tion n. (פע־ראנ־אי־מי־ זיי'־שאן) דאס בילדען א פאראנים, מא־ כען פאראנימיש. ז. *paronym*

paron'ymize v. (פע־ראנ'־אי־מאיז) בילדען א פאראנים, פערוואנדלען אין א פאראנים. ז. *paronym*

paron'ymous a. (פע־ראנ'־אי־מאס) פאראנימיש. ז. *paronym*

paron'ymy n. (פע־ראנ'־אי־מי) דאס זיין פאראנימיש [ז. *paronym*]; דאס בילדען א כמעט עהנליך ווארט פון א ווארט פון אן אנדער שפראך [ווי למשל, די מעהרסטע וויסענשאפטליכע טערמינען, וואס זיינען גענומען פון לאטייניש און גריכיש און ווערען לייכט געענדערט לויט דעם גייסט פון די בעזונדערע שפראכען, אין וועלכע זיי געהען אריין].

parop'sis n. (פע־ראפ'־סיס) א פער־ דארבענע ראיה.

par'oquet n. (פער'־א־קעט) ז. *parrakeet*

paros'mia n. (פע־ראס'־מי־א) א פער־ דארבענער חוש הריח.

paros'mis n. (פע־ראס'־מיס) ז. *parosmia*

parot'ic a. (פע־ראט'־איק) וואס געפינט זיך ביים אויער.

parot'id a. and n. (פע־ראט'־איד) וואס געפינט זיך ביים אויער; די אויערען־ שפייעכץ־דריזע [די דריזע אין אויער וועלכע טיילט אויס שפייעכץ]; א טייל פון א פאנצער צו בעשיצען דעם אויער [ביי די פארצייטיגע גריכען].

parotidi'tis n. (פע־ראט־אי־דאי'־טיס) ז. *parotitis*

paro'tis n. (פע־ראו'־טיס) די אויערען־ שפייעכץ־דריזע.

parotit'ic a. (פער־א־טיט'־איק) וואס ליידט פון אן ענטצינדונג פון דער אויע־ רען־שפייעכץ־דריזע.

paroti'tis n. (פער־א־טאי'־טיס) אן ענט־ צינדונג פון די אויערען־שפייעכץ־דריזען.

par'oxysm n. (פער'־אק־סיזם) א פא־ ראקסיזם, א פעריאדישער אויסברוך פון א קראנקהייט; א ספאזמע, א קאנוואל־ סיע; אן אויסברוך; א מחלוקה.

paroxys'mal a. (פער־אק־סיז'־מעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פא־ ראקסיזם [א פעריאדישער אדער קאנ־ וואלסיווער אנפאל פון א קראנקהייט]; קאנוואלסיוו; וואס איז פעראורזאכט דורך א נאטור־אויסברוך.

paroxys'mally adv. (פער־אק־סיז'־

מעל-אי) ווי א פאראקסיזם, ווי אז אויס=ברוך, ספאזמען=עהנליך, ווי א קאנוואולסיע.

paroxys'mic *a.* (פער-אק-סיז'-מיק) ז. *paroxysmal*

parquet' *n., a. and v.* (פאר-קעט') פארקעט [דער טייל פון א טעאטער=זאל פון ארקעסטער ביז דעם ראנד פון דער גאלעריע; פארטער, דער גאנצער אונטער=שטער זאל פון טעאטער]; פארקעט=ארבייט אדער א פארקעט=דיל; וואס בעשטעהט פון פארקעט=ארבייט; מאכען א פארקעט=דיל. ז. *parquetry*

par'quetage *n.* (פאר'-קעט-איידזש) ז. *parquetry*

parquet'ed *a.* (פאר-קעט'-עד) פארקע=טירט, אויסגעלעגט מיט פארקעט. ז. *parquetry*

parqueterie' *n.* (פאר-קעט-ע-ריע') ז. *parquetry*

par'quetry *n.* (פאר'-קעט-רי) פארקעט, פארקעט=ארבייט [האלץ=ארבייט וואס ווערט געמאכט פאר דילען, וועלכע ווערען אויסגעלעגט מיט קליינע ברעטלעך אין פערשיעדענע פיגורען].



Parquetry

parquette' *n. and a.* (פאר-קעט') ז. *parquet*

parr *n.* (פאר) א יונגער לאקס; א יונגער שטאקפיש.

par'rakeet *n.* (פער'-ע-קיעט) אזא קליי=נער פאפוגאי.

par'ral *n.* (פער'-על) א שטריק אדער קייט מיט וועלכער עס ווערט בעפעס=טיגט דער מיטען פון די שטריק=ווערק צו דעם מאסט אויף א שיף.

Parrakeet

par'rel *n.* (פער'-על) א שטריק אדער קייט צו בעפעסטי=גען די שטריק=ווערק צו דעם מיטען פון דעם מאסט פון א שיף; א בעציערונג אויף א קאמין.

par'rel-rope *n.* ((פער'-על-ראופ) ז. *parral*

parrhe'sia *n.* (פע-ריע'-סי-א) אין רע=טאריק — אפענהערציגקייט און מוטיגקייט אין רעדען; טארלונג.

par'rhesy *n.* (פער'-אי סי) ז. *parrhesia*

par'ricidal *a.* (פער'-אי סאי דעל) וואס איז שייך צו אן עלטערען=מארד אדער עלטערען=מערדער; שולדיג אין עלטערען=מארד. ז. *parricide*

par'ricide *n.* (פער'-אי-סאיד) אן על=טערען=מארד, א פאטער=מארד, א מוטער=מארד, ערמארדונג פון איינעם וואס מען דארף אכטען [ווי א קעניג, א קרוב א. ז. וו.]; אן עלטערען=מערדער, א פאטער=מערדער, א מוטער=מערדער, א קעניג=מערדער, א קרובים=מערדער.

par'roquet *n.* (פער'-א-קעט) ז. *parrakeet*

par'rot *n. and v.* (פער'-אט) א פאפו=גאי; איינער וואס רעדט נאך אנדערע, איינער וואס ווידערהאלט פרעמדע רייד [ווי א פאפוגאי]; נאכרעדען אדער ווי=דערהאלען מעכאניש ווי א פאפוגאי; פלוי=דערען ווי א פאפוגאי.

Parrot

par'rot-coal *n.* (פער'-אט-קאול) א מין קויהלען, וואס קנאקען ביים ברענען.

par'roter *n.* (פער'-אט-ער) איינער וואס רעדט נאך ווי א פאפוגאי.

par'rot-fish *n.* (פער'-אט-פיש) א ים=פאפוגאי [א נאמען פון פערשיעדענע מינים פיש, וועלכע זיינען עהנליך צו א פאפוגאי מיט דער הויט=פארב אדער מיט דער פארם פון דעם מויל].

Parrot-fish

par'rotry *n.* (פער'-אט-רי) דאס נאכ=רעדען אדער נאכאהמען ווי א פאפוגאי.

par'rot-wrasse *n.* (פער'-אט רעס) דער פאפוגאי ליפ=פיש אדער ים=פאפוגאי [א פיש וואס איז עהנליך צו א פאפוגאי מיט דער הויט=פארב און מיט דעם געבוי פון מויל].

par'ry *v. and n.* (פער'-אי) פארירען, אבווענדען א קלאפ [אין געפעכט]; אב=וועהרען, אבווענדען; אויסמיידען; זיך פערטיידיגען; פעכטען; דאס פארירען, דאס אבוועהרען א קלאפ [אין געפעכט]; א געשיקטער איבערפאל, א געשיקטע פער=טיידיגונג.

pars *n.* (פארז) אין אנאטאמיע — א טייל, א גליעד.

parse *v.* (פארס) גראמאטיש אנאליזירען א זאץ.

Par'see *n. and a.* (פאר'-סיע) א פארס, אן אנהענגער פון דער זאראאסטרישער רעליגיאן [די רעליגיאן פון פייער=פערגע=טערונג ביי די אמאליגע פערזיאנער]; די אמאליגע שפראך פון די פארסען אין וועל=כער זייער רעליגיאנס=ליטעראטור איז גע=שריבען; וואס איז שייך צו די פארסען. ז. *Parseeism*

Par'seeism *n.* (פאר'-סיע-איזם) די רע=ליגיאן פון די פארסען אדער פייער=פער=געטערער [א פערזישע סעקטע אין אינ=דיען און אין פערזיען וואס האלט זיך נאך ביז יעצט ביי דער פארצייטיגער פער=זישער רעליגיאן אדער ביי דער לעהרע פון זאראאסטרא. דיעזע רעליגיאן אנער=קענט צוויי הויפט געטער: ארמוזד, דער גאט פון ליכט און פון אלעם וואס איז גוט, און אהרימאן, דער גאט פון פינסטערניש און פון אלעם וואס איז שלעכט].

par'ser *n.* (פאר'-סער) איינער וואס מאכט א גראמאטישען אנאליז.

Par'si *n. and a.* (פאר'-סי) ז. *Parsee*

parsimo'nious *a.* (פאר-סי-מאו'-ני-אס) שפארזאם; שפארעוודיג; קארג.

A nation must not pursue a **parsimonious** policy towards the poor and unfortunate.

parsimo'niously *adv.* (פאר-סי-מאו'-ני-אס-לי) מיט שפארזאמקייט, מיט קארג=שאפט.

parsimo'niousness *n.* (פאר-סי-מאו'-ני-אס-נעס) שפארזאמקייט; קארגשאפט.

par'simony *n.* (פאר'-סי-מא-ני) שפאר=זאמקייט; קארגשאפט.

par'sing *n.* (פאר'-סינג) א גראמאטיקא=לישער אנאליז, א פאנאנדערגליעדערונג פון א זאץ.

pars'ley *n.* (פארס'-לי) פעטרישקע.

pars'nip *n.* (פארס'-ניפ) פאסטערנאק, א ווייסער מער.

Parsnip

par'son *n.* (פארסן) א גייסטליכער, א גלח, א פאסטאר; אזא קליינער פינק [אזא פויגעלע] אין בראזיליען; די פאע אדער דער פאסטאר=פויגעל. ז. *parson-bird*

par'sonage *n.* (פאר'-סאנ-עדזש) דאס הויז פון א גייסטליכען; קיר=כען=אייגענטום [צום אויפהאלטען דעם גייסטליכען].

par'son and clerk (פארסן ענד קלוירק) אזא קינדער=שפיעל מיט פערברענטען פא=פיער.

par'son-bird *n.* (פאר'סנ-בוירד) די פאע אדער דער פאסטאר=פויגעל [אזא שווארץ זינג=פויגעלע אין ניי=זעעלאנד מיט לאנגע ווייסע גרייזעלדיגע פעדערען אויף'ן האלז און א ווייסען שטרייף אויף די פליגלען].

Parson-bird

parson'ic *a.* (פאר-סאנ'-איק) גלח'יש; גייסטליך.

parson'ical *a.* (פאר-סאנ'-אי-קעל) ז. *parsonic*

par'sonish *a.* (פאר'-סאנ-איש) גלח'יש.

par'son's nose (פארסנז נאוז) דער הינטער־טייל [דאס תחת'על] פון אן עוף.

par'son's week (פארסנז הוויעק) די צייט צווישען איין זונטאג און צווייטען.

part *n., v. and adv.* (פארט) .1 א טייל; א גליעדר; א חלק; א שטימע, אן אינ־סטרומענט אין א כאר אדער ארקעסטער; מוזיק בעשטימט פאר איין שטימע אדער איין אינסטרומענט; .2 די ארבייט, די פליכט, די אויפגאבע; .3 א ראלע [פון אן אקטיאר]; .4 פעהיגקייט, טאלאנט; .5 א צד, א פארטיי, א זייט; .6 א גע־גענד, א פלאץ; א שרונט, א האר־צוטיי־לונג; טיילען; פאנאנדערטיילען; צוריי־סען [א שיפס־שטריק]; זיך אבטיילען, זיך פאנאנדערטיילען; צוריסען ווערען, אבגעריסען ווערען ;7. זיך שיידען, פערלא־זען, אוועקגעהן; .8 געהמען א חלק; .9 טיילוויין.

2. It is the **part** of the poet to picture the beauties of nature. 4. He is a man of many **parts**. 5. I hope you will take my **part** in the controversy. 7. Let us **part** as friends not as enemies.

par'table *a.* (פאר'־טעבל) טיילבאר, וואס קען צוטיילט ווערען.

partake' *v.* (פאר־טייק') .1 אנטייל נעה־מען; .2 האבען געמיינשאפטליכעס; .3 הא־בען א חלק, נעהמען א טייל.

1. We were invited to **partake** of refreshments. 2. Men often **partake** of the nature and instincts of beasts.

parta'ker *n.* (פאר־טיי'־קער) אן אנ־טיילנעהמער.

part and par'cel (פארט ענד פאר'־סעל) א וויכטיגער בעשטאנד־טייל.

All the generals were **part and parcel** of the conspiracy.

part com'pany (פארט קאמ'־פע־ני) זיך פאנאנדערגעהן, זיך אבטיילען, געהן מיט פערשיעדענע וועגען.

par'ter *n.* (פאר'־טער) א צוטיילער, איי־נער וואס טיילט פאנאנדער אדער צושיידט.

parterre' *n.* (פאר־טעהר') פארטער, דער זאל פון א טעאטער; דער טייל פון טעאטער־זאל וואס איז אונטער דער גא־לעריע; דער אונטערשטער עטאזש פון א הויז; א רייה בלומען־בייטען.

par'tes *n.* (פאר'־טיז) אין אנאט־מיע — טיילען. ז. *pars*

part e'ven hands (פארט איווען הענדז) פאנאנדערטיילען זיך אין גלייכע חלקים.

part friends (פארט פרענדז) זיך פא־נאנדערגעהן אלס פריינד.

parthenogen'esis *n.* (פאר־טהע־נא־דזשען'־ע־סיס) דאס פערמעהרען זיך אהן א געשלעכטליכער צוזאמענפארונג; דאס געבארען ווערען פון א בתולה.

parthenogenet'ic *a.* (פאר־טהע־נא־דזשי־נעט'־איק) וואס איז שייך צו פער־מעהרונג אהן געשלעכטליכער צוזאמענפא־רונג; געבארען פון א בתולה.

parthenog'eny *n.* (פאר־טהע־נאדזש'־ע־ני) ז. *parthenogenesis*

parthenol'ogy *n.* (פאר־טהע־נאל'־א־דזשי) א בעשרייבונג אדער אבהאנדלונג וועגען דעם צושטאנד פון מיידעלשאפט.

par'tial *a. and n.* (פאר'־שעל) .1 טייל־ווייז; וואס איז שייך צו א טייל; .2 אין באטאניק — אונטערגעארדענט, נעבענ־זעכליך, פון צווייטען גראד; .3 פארטיי־ליך, פארטייאיש; בעזונדערס געניינט צו איינעמס גונסטען; מיט א שטארקער פאר־ליעבע; אן אויבערטאן.

1. **Partial** knowledge is worse than downright ignorance. 3. Parents must not be **partial** to some of their children.

par'tial accep'tance (פאר'־שעל עק־סעפ'־טענס) דאס אננעהמען מיט א תנאי [ווי פון א וועקסעל].

par'tial assign'ment (פאר'־שעל ע־סאינ'־מענט) דאס אבשרייבען בלויז א טייל פון פערמעגען אלס פערזיכערונג פאר א חוב.

par'tialism *n.* (פאר'־שעל־איזם) פאר־טייליכקייט; א צו שטארקע נייגונג אדער פארליעבע; אין דער קריסטליכער טעא־לאגיע — די לעהרע, אז יעזוס'עס טויט האט מכפר געווען אויף די זינד פון בלויז א טייל פון דער מענשהייט.

par'tialist *n.* (פאר'־שעל־איסט) דער וואס איז פארטייאיש אדער בעזונדערס גע־נייגט [צו עמוואס]; אין דער קריסטלי־כער טעאלאגיע — איינער וואס האלט, אז יעזוס'עס טויט האט מכפר געווען אויף די זינד פון בלויז א טייל פון דער מענש־הייט.

partial'ity *n.* (פאר־שי־על'־אי־טי) פארטייאישקייט, פארטייליכקייט; א בע־זונדערע נייגונג אדער פארליעבע צו עפעס אדער אימעצען.

par'tialize *v.* (פאר'־שעל־איז) מאכען פארטייאיש; זיין פארטייאיש.

par'tial loss (פאר'־שעל לאהס) א טייל־ווייזער פערלוסט [אין דער פערזיכערונג פון שיפען און שיפס־פראכט].

par'tially *adv.* (פאר'־שעל־אי) טייל־ווייז; אויף א פארטייאישען אופן.

par'tial tone (פאר'־שעל טאון) אן אויבערטאן.

par'tial ver'dict (פאר'־שעל וואיר'־דיקט) א געריכטליכער אורטייל אדער פער־אורטיילונג וואס האט א שייכות בלויז צו א טייל פון דער קלאגע.

partibil'ity *n.* (פאר־טי־ביל'־אי־טי) טיילבארקייט.

par'tible *a.* (פאר'־טיבל) טיילבאר, וואס מען קען פאנאנדערטיילען.

par'ticeps crim'inis (פאר'־טי־סעפס קרימ'־אי־ניס) דער מיטשולדיגער [אין א פערברעכען].

partic'ipable *a.* (פאר־טיס'־אי־פעבל) וואס מען קען אין דעם אנטייל נעהמען.

partic'ipancy *n.* (פאר־טיס'־אי־פענ־סי) אנטייל־נעהמונג.

partic'ipant *a. and n.* (פאר־טיס'־אי־פענט) אנטייל־נעהמענד; אן אנטייל־נעהמער.

Our school is a frequent **participant** in athletics.

partic'ipantly *adv.* (פאר־טיס'־אי־פענט־לי) אלס אנטייל־נעהמער; נעהמענ־דיג אנטייל.

partic'ipate *v.* (פאר־טיס'־אי־פייט) .1 נעהמען אנטייל, האבען א חלק; .2 הא־בען געמיינשאפטליכעס.

1. Loyal friends must **participate** in each other's joys and sorrows. 2. Some creatures **participate** with the nature of plants and animals.

participa'tion *n.* (פאר־טיס־אי־פיי'־שאן) אן אנטייל; דאס אנטייל־נעהמען.

partic'ipative *a.* (פאר־טיס'־אי־פיי־טיוו) וואס קען אנטייל נעהמען.

partic'ipator *n.* (פאר־טיס'־אי־פיי־טאר) אן אנטייל־נעהמער.

particip'ial *a.* (פאר־טי־סיפ'־אי־על) עהנליך צו א פארטיציפיום; וואס בע־שטעהט אדער איז געבילדעט פון א פאר־טיציפיום. ז. *participle*

particip'ially *adv.* (פאר־טי־סיפ'־אי־על־אי) ווי א פארטיציפיום; אלס פאר־טיציפיום. ז. *participle*

par'ticiple *n.* (פאר'־טי־סיפל) דאס פארטיציפיום [א פארם פון א ציייטווארט, וואס דיענט אלס בייווארט אדער אייגענ־שאפטס־ווארט. למשל: *loving* און *loved* פון *love*, אדער ליעבענד, ליע־בענדיג, געליעבט פון "ליעבען"].

par'ticle *n.* (פאר'־טיקל) א טיילכעל, א שטיקעלע, א ברעקעל; א טראפען, א בי־סעלע; אן אטאם; אין גראמאטיק — רעדע־טיילען וואס זיינען פון צווייטער בע־דייטונג ביים צוזאמענשטעלען א זאץ [ווי א קאניוקטיוו, אן ארווערב, א פערהעלטניס־ווארט אדער פירווארט].

par'ti-coa'ted *a.* (פאר'־טי־קאו'־טעד) ז. *party-coated*

par'ti-col'or *n.* (פאר'־טי־קאל'־אר) ז. *party-color*

partic'ular *a. and n.* (פאר־טיק'־יו־לאר) .1 בעזונדער, ספעציעל; אייגענעס; ספעציפיש; כאראקטעריסטיש בלויז פאר א בעשטימטער זאך, ארט א. ז. וו.; פער־זענליך, פריוואט, אינדיווידועל; .2 בע־מערקענסווערטה, אויסערגעוועהנליך, אויס־געצייכענט; פינקטליך, גענוי; .3 מאדנע, זאנדערבאר; .4 איבערקלייבעריש, וואס איז' מקפיד, פארזיכטיג, איבערלעגט; .5 אן איינצעלהייט; א גענויער, פינקטלי־כער בעריכט; .6 עטוואס וואס איז ספע־ציעל געמאכט פאר אימעצען, עטוואס פון א ספעציעלען אויסוואהל.

1. We met on a **particular** occasion. 2. He is a **particular** friend of mine. 3. He is very **particular** in his behavior. 4. A sick person must be very **particular** in his diet. 6. He drank a glass of his own **particular**.

partic'ular av'erage (פאר־טיק'־יו־לאר עוו'־ע־רעדזש) די פערזיכערונגס־סומע, וואס א פערזיכערונגס־קאמפאניע דארף בעצאהלען פאר טיילווייזער בעשע־דיגונג פון א שיף אדער שיפס־פראכט.

partic'ular cus'tom (פאר־טיק'־יו־לאר קאס'־טאם) א לאקאלער מנהג; א מנהג וואס עקזיסטירט בלויז אין א געווי־סען פלאץ אדער ביי א געוויסען קלאס מענשען.

particularisa'tion *n.* (פאר־טיק־יו־לאר־אי־זיי'־שאן) ז. *particularization*

partic'ularise *v.* (פאר־טיק'־יו־לאר־איז) ז. *particularize*

partic'ularism *n.* (פאר־טיק'־יו־לאר־איזם) פינקטליכקייט; אויספיהרליכקייט; גענויאיגקייט; דאס אבהיטען ספעציעלע אינטערעסען [פערזענליכע, פון א פאר־טיי, שטאאט א. ז. וו.]; פארטיקולאריזם [אינערליכע אויטאנאמיע פון די איינ־צעלנע שטאאטען אין א בונדעס־שטאאט אדער שטאאטס־פעדעראציאן]; אבגעזונ־דערטקייט; אתה־בחרתנו'איזם; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די לעהרע, אז גאט'ס גנאד איז בעשטימט בלויז פאר א טייל פון דער מענשהייט.

partic'ularist *n.* (פאר־טיק'־יו־לאר־איסט) אן אנהענגער פון פארטיקולאריזם [אינערליכע אויטאנאמיע פון אן איינצעל־נעם שטאאט אין א שטאאטס־פעדעראציאן, הויפטזעכליך אין דייטשלאנד]; איינער וואס פערפאלגט ספעציעלע אינטערעסען [פערזענליכע, פון א פארטיי, שטאאט א. ז. וו.]; אן אנהענגער פון דעם אתה־בחרתנו'איזם [ביי אידען]; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — אן אנהענגער פון דער לעהרע, אז גאט'ס גנאד איז בע־שטימט ניט פאר אלע מענשען.

pau'perism *n.* (פאה'-פער-איזם) פאופעריזם, ארימקייט, בעטלער=שטאנד; בעטלערשאפט, בעטלער, ארימע לייט [בכלל].

pauperiza'tion *n.* (פאה-פער-אי-זיי'-שאן) פעראָרימונג.

pau'perize *v.* (פאה'-פער-איז) פאופעריזירען, פעראָרימען.

pau'sal *a.* (פאה'-זעל) וואס איז שייך צו א פויזע. ז. *pause*

pause *n. and v.* (פאהז) א פויזע, א קורצער אבשטעל, אן אברוה אדער אונטערברעכונג; אין מוזיק=נאטען — א פויזע=צייכען אדער א צייכען [͡ · אדער ◡] וואס צייגט, אז א טאן קען געצויגען ווערען ווי לאנג מען וויל; דאס וואקלען זיך, דאס איבערלעגען זיך; אונענטשלאָסענהייט; מאכען א פויזע, זיך אבשטעלען, אונטערברעכען; צעגערען, זיך וואקלען, זיין אונענטשלאָסען, נים האבען קיין חשק צו עפעס; אבלעגען.

pause'fully *adv.* (פאהז'-פול-אי) אבהאלטענד; אונטערברעכענד; צווינגענדיג צו מאכען א פויזע.

pause'less *a.* (פאהז'-לעס) אונאויפהערליך, אהן אונטערברעכונג.

The **pauseless** activity of life.

pause'lessly *adv.* (פאהז'-לעס-לי) אהן אונטערברעכונג, אהן אויפהער.

A cool wind streamed **pauselessly** down the valley.

pau'ser *n.* (פאה'-זער) איינער וואס שטעלט זיך אב אדער מאכט א פויזע; איינער וואס דענקט נאך וועגען עפעס.

pause upon' (פאהז א-פאן') זיך אבשטעלען אויף עפעס; זיך פערטראכטען אויף עפעס.

pau'sing *n.* (פאה'-זינג) א פויזע, א צייטווייליגע אונטערברעכונג.

pau'singly *adv.* (פאה'-זינג-לי) זיך אבשטעלענדיג, מיט פויזען אדער אונטערברעכונגען; נאכדענקענדיג.

paut *n.* (פאהט) יוטע [אינדישער פלאקס].

pa'vage *n.* (פיי'-ווערדזש) ברוקיר=געלד [ביישטייערונג אדער שטייער פאר ברוקירען גאסען און אויסלעגען וועגען]; דורכגאנג=געלד [אן אבצאהל פאר דעם רעכט דורכצוגעהן איינעמס לאנד].

pav'an *n.* (פעוו'-ען) אזא לאנגזאמער שפאנישער אדער איטאליענישער טאנץ; מוזיק פאר אזא טאנץ.

pave *v.* (פייוו) פלאסטערען, ברוקירען; אויסלעגען א וועג.

paved *a.* (פייווד) ברוקירט, געפלאסטערט; עהנליך צו ברוקירונג.

pave'ment *n. and v.* (פייוו'-מענט) פלאסטערונג, א ברוק, א טראטואר; א ברוק=עהנליכער געבוי [פון קערפער=טיילען]; ברוקירען, פלאסטערען.

pave'ment-ram'mer *n.* (פייוו'-מענט-רעמ'-ער) א ברוקיר=מאשין [איינצושלאגען ברוק=שטיינער].

pav'en *n.* (פעוו'-ען) ז. *pavan*

pa'ver *n.* (פיי'-ווער) א פלאסטערער, א ברוקירער; א ראמבאק [אריינצוקלאפען ברוקיר=שטיינער]; א ברוק=שטיין, א פלאסטער=ציגעל. ז. *paving-rammer*

pa'vers' ram'mer (פיי'-ווערז רעמ'-ער) ז. *paving-rammer*

pave the way (פייוו טהי הוויי) אויסטרעטען א וועג; מאכען אן אנפאנג.

His manly letter **paved the way** for a reconciliation with his wife.

pa'viage *n.* (פיי'-ווי-עדזש) ז. *pavage*

pavid'ity *n.* (פע-וויד'-אי-טי) שרעקעדיגקייט.

pavil'ion *n. and v.* (פע-וויל'-יאן) א געצעלט, א ביידעל; א פאוויליאן, א נעבען=געביידע; דער אויסערער אויער=טייל; א פלאג; בעזארגען מיט א פאוויליאן אדער געצעלט; בעשיצען אין א געצעלט.

pa'ving *n.* (פיי'-ווינג) ברוקירונג, פלאסטערונג; ברוק.

pa'ving-bee'tle *n.* (פיי'-ווינג-ביע'טל) ז. *paving-rammer*

pa'ving-machine' *n.* (פיי'-ווינג-מע-שין') א ברוק=מאשין [צום איינשלאגען ברוק=שטיינער אדער צום אויסגלייכען אן אספאלט=פלאסטערונג].

Paving-rammer

pa'ving-ram'mer *n.* (פיי'-ווינג-רעמ'-ער) א טראמבאווקע, א ראמבאק אדער ברוקיר=קלאץ [צום איינשלאגען ברוק=שטיינער].

pa'ving-stone *n.* (פיי'-ווינג-סטאון) א פלאסטער=שטיין, א ברוקיר=שטיין.

pa'ving-tile *n.* (פיי'-ווינג-טאיל) א פלאסטער=ציגעל.

pa'vior *n.* (פיי'-וויער) ז. *paver*

Pa'vo *n.* (פיי'-וואו) דער מין פאווען; דאס פאווע=שטערנבילד [אזא שטערן=גרופע].

Pavo

pavo'nian *a.* (פע-וואו'-ני-ען) פאווען=עהנליך, וואס איז שייך צו א פאווע; וואס פוצט זיך, וואס ציערט זיך [הויפטזעכליך אהן געשמאק אדער אום זיך צו ווארפען אין די אויגען].

pav'onine *a. and n.* (פעוו'-א-נין) פאַאוויש, וואס איז שייך אדער עהנליך צו א פאווע; וואס ציערט זיך, וואס פוצט זיך; א שימערירענדער גלאנץ [ווי פון דעם עק פון א פאווע].

pavo'nious *a.* (פע-וואו'-ני-אס) מיט אויגען=עהנליכע פלעקען [ווי דער עק פון א פאווע].

paw *n. and v.* (פאה) 1. א לאפע; א שפיצעל; 2. אויסציהען די לאפעס אדער פארערשטע פיס, קלאפען אדער קראצען מיט די לאפעס; 3. אונגעשיקט האלטען אדער אומגעהן ארום עפעס; 4. חנפ'נען, זיך אונטערלעקען [ווי א הונד].

2. The lion **pawed** the ground.

pawed *a.* (פאהד) מיט לאפעס; ברייט=פיסיג.

pawl *n. and v.* (פאהל) אן אבהאלטס=האקען [פעסטצוהאלטען א ראד, הויב=מאשין אויף א שיף א. ז. וו. אדער זיי ניט לאזען זיך בעוועגען צוריק]; בעפעסטיגען מיט אן אבהאלטס=האקען.

pawn *n. and v.* (פאהן) דאס משכון; דאס זיין פער'משכונ'ט אדער דאס דיענען אלס משכון; א לאמבארד; א לייה=אנשטאלט [אויף משכנות]; א פויער אדער סאלדאטעל [אין שאך=שפיעל]; פער'משכונ'ען.

paw'nable *a.* (פאה'-נעבל) וואס קען פער'משכונ'ט ווערען.

pawn'broker *n.* (פאהנ'-בראו-קער) אייער וואס לייהט געלד אויף משכנות, אן איינענטימער פון א לאמבארד.

pawn'broker's balls (פאהנ'-בראו-קערז באהלז) די דריי נעגילטע באלען, וואס דיענען אלס צייכען אדער שילד פון אן אמעריקאנער לאמבארד [וואו מען לייהט געלד אויף משכנות].

pawn'broking *n.* (פאהנ'-בראו-קינג) דאס לייהען געלד אויף משכנות.

pawnee' *n.* (פאה-ניע') איינער וועמען מען גיט א משכון.

paw'ner *n.* (פאה'-נער) איינער וואס גיט א משכון.

paw'nor *n.* (פאה'-נאר) ז. *pawner*

pawn'shop *n.* (פאהנ'-שאפ) א לאמבארד [וואו מען לייהט געלד אויף משכנות].

pawn'-tick'et *n.* (פאהנ'-טיק'-עט) א לאמבארד=צעטעל.

pawpaw' *n.* (פאה-פאה') ז. *papaw*

pax *n.* (פעקס) פריעדען, דאס פריעדענס=ברעטעל [ביי די קאטוילִיקען — א ברעטעל מיט א הייליגען בילד, וואס מען פלעגט אמאל קושען ביי געוויסע גאטעס=דיענסטע]; דער פריעדענס=קוש [דאס קושען איינער דעם צווייטען אדער דאס פריעדענס=ברעטעל ביי געוויסע קאטוילישע גאטעס=דיענסטע].

pax'-board *n.* (פעקס'-באורד) דאס פריעדענס=ברעטעל [ביי די קאטוילִיקען]. ז. *pax*

pax vobis'cum (פעקס וואָ-ביס'-קאם) פריעדען מיט אייך! [א בעגריסונג].

pax'wax *n.* (פעקס'-הועקס) ז. *packwax*

pay *n. and v.* (פיי) צאהלונג, געצאהלט, לוין, בעלוינונג, געהאלט; צאהלען, בעצאהלען; בעלוינען; געבען, שענקען; "אריינקאטעווען", בעשטראפען; איינשמירען אדער אויסשמירען מיט פעך, חלב א. ד. ג. [וועגען די שטריק, זעגלען א. ד. ג. פון א שיף].

pay a bal'ance (פיי ע בעל'-ענס) בעצאהלען דעם דיפערענץ אדער דעם רעשט פון א חשבון.

pay'able *a.* (פיי'-עבל) צאהלבאר, וואס קען אדער דארף בעצאהלט ווערען.

pay'able on demand' (פיי'-עבל אן די-מענד') צאהלבאר צו יעדער צייט ווען עס ווערט נור געמאהנט [וועגען וועקסלען, רעכנונגען א. ז. וו.].

The note is **payable on demand**.

pay'ably *adv.* (פיי'-ע-בלי) אזוי אז עס זאל זיך לוינען, אויף דעם אופן עס זאל זיך בעצאהלען.

pay atten'tion (פיי ע-טענ'-שאן) שענקען אויפמערקזאמקייט, אכטונג געבען.

Children ! **Pay attention**.

pay a vis'it (פּיי ע וויז'-איט) מאכען א בעזוך, אבשטאטען א וויזיט.

pay'-bill *n.* (פּיי'-ביל) א צאהלונגס=צעטעל [אן אויספיהרליכער צעטעל וויפיעל מען דארף אויסצאהלען געלד, ווי פאר ארבייטער, סאלדאטען א. ד. ג.].

pay'-car *n.* (פּיי'-קאר) א צאהל=וואגאן [א וואגאן אין וועלכען דער צאהל=מייסטער פיהרט דאס געלד צו בעצאהלען די ארבייטער אויף אן אייזענבאהן=ליניע].

pay'-clerk *n.* (פּיי'-קלוירק) א צאהל=קלערק, אן אנגעשטעלטער אין אן אונטערנעהמונג וואס צאהלט אויס די אנגעשטעלטע זייער לוין; א קלערק ביי דעם צאהל=מייסטער אין דער אמעריקאנער ארמעע אדער פלאטע.

pay com'pliments (פּיי קאמ'-פּלי-מענטס) מאכען קאמפּלימענטען.

pay'-corps *n.* (פּיי'-קאור) דער צאהל=מייסטערס=קארפּוס אין דער אמעריקאנער קריעגס=פלאטע.

pay court (פּיי קאורט) זיך שדכ'ענען, אוכאזשיווען.

pay'-day *n.* (פּיי'-דיי) דער צאהל=טאג, דער טאג אין וועלכען עס ווערט געצאהלט אין אן אונטערנעהמונג לוין צו ארבייטער און אנגעשטעלטע; דער טאג אין וועלכען מען דארף בעצאהלען א וועקסעל, א חוב א. ד. ג.

pay def'erence (פּיי דעפ'-ע-רענס) אבגעבען כבוד.

pay'-direc'tor *n.* (פּיי'-די-רעק'-טאר) א צאהל=דירעקטאר [א העכערער בעאמטער אין דעם צאהל=מייסטערס קארפּוס פון דער אמעריקאנער קריעגס=פלאטע].

pay dirt (פּיי דוירט) ערד וועלכע ענטהאלט גענוג גאלד דאס עס זאל בעצאהלען דעם גאלד=גרעבער'ס טרחה.

pay down (פּיי דאון) בעצאהלען אויף'ן ארט, בעצאהלען מיט מזומנים.

pay down pen'itence (פּיי דאון פּענ'-אי-טענס) שטארק חרטה האבען.

payee' *n.* (פּיי-אי') די פּערזאן וועמען מען דארף צאהלען; דער פּארצייגער פון א וועקסעל, איינער וועמען מען דארף צאהלען א וועקסעל.

pay'er *n.* (פּיי'-ער) א צאהלער; דער וואס דארף בעצאהלען א וועקסעל.

pay for (פּיי פאר) 1. בעצאהלען רבי=געלד; 2. בעצאהלען, בעצאהלען די קאסטען.

1 Men often must **pay** dearly **for** their mistakes.

pay for a dead horse (פּיי פאר ע דעד האהרס) ארויסווארפען געלד אין בלאטע, צאהלען פאר א נעכטיגען טאג.

pay grav'el (פּיי גרעוו'-על) ז. *pay dirt*

pay hom'age (פּיי האמ'-עדזש) פערעהרען, אבגעבען כבוד.

pay hon'or (פּיי אנ'-אר) געבען עהרע, געבען כבוד.

pay in kind (פּיי אין קאינד) צאהלען מיט פּראדוקטען [ניט מיט געלד]; בעצאהלען מדה כנגד מדה.

pay'-inspec'tor *n.* (פּיי'-אינ-ספּעק'-טאר) א צאהל=אינספּעקטאר [א העכערער בעאמטער פון דעם צאהל=מייסטערס קארפּוס אין דער אמעריקאנער קריעגס=פלאטע].

pay'-list *n.* (פּיי'-ליסט) א צאהלונגס=ליסט [א ליסט וואו עס ווערט אויסגערעכענט וועמען מען דארף צאהלען, בעזאנדערס די פּיערטעל=יעהריגע ליסט וואס ווערט צוגעשטעלט אין דעם צאהל=אמט פון קריעגס=דעפּארטאמענט].

pay'master *n.* (פּיי'-מעס-טער) א צאהל=מייסטער, איינער וואס צאהלט אויס אין אן אונטערנעהמונג לוין צו די ארבייטער און צו די אנגעשטעלטע; א בעאמטער אין דער ארמעע וואס צאהלט אויס די אפיציערען און די סאלדאטען זייער געהאלט; א בעאמטער אין דער אמעריקאנער קריעגס=פלאטע, וועלכער האט די אויפזיכט אויף געלד, פּראוויזיאן, קליידער א. ד. ג.

pay'mastership *n.* (פּיי'-מעס-טער-שיפּ) דאס אמט פון א צאהל=מייסטער.

pay'ment *n.* (פּיי'-מענט) 1. א צאהלונג; א געצאהלט, א בעלוינונג; 2. א בעשטראפונג.

2. The waggish child got his **payment** from his father.

pay'nim *n. and a.* (פּיי'-נים) געצענדיענערייי; געצענדיענערטום; א געצענדיענער; געצענדיענעריש.

pay'nize *v.* (פּיי'-נאיז) פערהארטעווען האלץ דורך געוויסע כעמישע מיטלען.

pay off (פּיי אף) 1. בעצאהלען, אבצאהלען; אבצאהלען און אבלאזען די מאנשאפט פון א שיף; 2. אבדרעהען זיך פון דער ווינד=ריכטונג [וועגען א שיף].

2. The little vessel **paid off** from the wind.

pay'-of'fice *n.* (פּיי'-אפ'-איס) א צאהל=קאנטאר; א צאהל=אמט.

pay old scores (פּיי אולד סקאורז) בעצאהלען אלטע חובות; זיך אברעכענען מיט א שונא.

pay one in his own coin (פּיי הוואן אין היז און קאין) צאהלען מיט דערזעלבער מטבע, צאהלען מדה כנגד מדה.

pay one out (פּיי הוואן אוט) טיכטיג אויסצאהלען, דורכברעכען גוט די ביינער.

pay one's foot'ing (פּיי הוואנז פוט'-אינג) אויסצאהלען טרינק=געלד, שטעלען משקה [ביי קריגען א נייע שטעלע אדער עפענען א געשעפט א. ד. ג.].

pay one's last debt (פּיי הוואנז לעסט דעט) "אבצאהלען דעם לעצטען חוב", שטארבען.

pay one's way (פּיי הוואנז הוויי) זיך דורכשלאגען מיט איינענע כחות.

pay out (פּיי אוט) אבצאהלען, פאלשטענדיג בעצאהלען; נאכלאזען אדער אבלאזען [וועגען אן אנגעצויגענעם שטריק פון א שיף].

pay regards' (פּיי רי-גארדז') לאזען גריסען, אבגעבען כבוד.

pay respects' (פּיי רי-ספּעקטס') אכטען.

pay'-roll *n.* (פּיי'-ראול) די צאהל=ליסט [א ליסט וואו עס ווערען פערשריבען די פּערזאנען, וועלכע מען דארף צאהלען געהאלט אדער לוין און די סומע פון געהאלט].

pay'sage *n.* (פּיי'-סעדזש) א פּייזאזש, א לאנדשאפט.

pay'sagist *n.* (פּיי'-סע-דזשיסט) א פּייזאזשיסט, א לאנדשאפטען=מאלער.

pay sta'tion (פּיי סטיי'-שאן) א צאהלונגס=שטעלע [אן ארט וואו מען צאהלט אויס געהאלט]; א פּלאץ וואו מען קען בענוצען א טעלעפאן פאר געצאהלט.

pay the debt of na'ture (פּיי טהי דעט אוו ניי'-טשור) "אבצאהלען דער נאטור איהר חוב", שטארבען.

pay the fid'dler (פּיי טהי פיד'-לער) ז. *pay the piper*

pay the last du'ty (פּיי טהי לעסט דיו'-טי) אבגעבען אימעצען דעם לעצטען כבוד, געהן צו אימעצענס לויה.

pay the pi'per (פּיי טהי פּאי'-פּער) צאהלען די מטבע; טראגען די קאסטען.

I am going to Europe for pleasure. My father will **pay the piper**.

pay the shot (פּיי טהי שאט) צאהלען די קאסטען, טראגען די אויסגאבען.

pay up (פּיי אפּ) אבצאהלען.

pea *n.* (פּיע) אן ארבעס; די רויג אדער איקרע פון געוויסע פיש; א פּאווע.

pea'-bean *n.* (פּיע'-ביען) א קליינער ווייסער באב, א ווייסע פאסאליע.

pea'-bird *n.* (פּיע'-בוירד) אזא פּיפּשענד פויגעלע, עהנליך צו א האלץ=פּיקער אדער דיאטעל.

pea'-bug *n.* (פּיע'-באג) ז. *pea-weevil*

peace *n.* (פּיעס) פריעדען; שלום; רוה, שטילקייט; א פריעדענס=אבמאך.

peace'able *a.* (פּיעס'-עבל) פריעדליך, רוהיג.

peace'ableness *n.* (פּיעס'-עבל-נעס) פריעדליכקייט, רוהיגקייט.

peace'ably *adv.* (פּיעס'-ע-בלי) אויף א פריעדליכען אדער רוהיגען שטייגער.

peace'-brea'ker *n.* (פּיעס'-בריי'-קער) א פריעדענס=ברעכער; איינער וואס צושטערט דעם שלום.

peace'ful *a.* (פּיעס'-פול) פריעדליך; רוהיג; געלאסען.

peace'fully *adv.* (פּיעס'-פול-אי) אויף א פריעדליכען, רוהיגען אדער געלאסענעם שטייגער.

peace'fulness *n.* (פּיעס'-פול-נעס) פריעדליכקייט; רוהיגקייט; געלאסענקייט.

peace'-gild *n.* (פּיעס'-גילד) די פריעדענס=גילדיע [איינע פון די מיטעלאלטערליכע ארגאניזאציאנען, וועלכע האבען געהאט דעם צוועק צו פערטיידיגען זייערע מיטגליעדער פון אונגערעכטיגקייט און אונטערשטיצען די פרייהייט].

peace'less *a.* (פּיעס'-לעס) פריעדענלאז, אהן פריעדען.

peace'lessness *n.* (פּיעס'-לעס-נעס) פריעדענלאזיגקייט, דאס ניט האבען קיין פריעדליכקייט.

peace'maker *n.* (פּיעס'-מיי-קער) א פריעדען=מאכער, א שלום=מאכער.

peace'-of'fering *n.* (פּיעס-אפ'-ער-אינג) א פריעדענס=אפּפער [קרבן שלמים].

peace'-of'ficer *n.* (פּיעס'-אפ'-אי-סער) א פריעדענס=בעאמטער, א שעריף.

peace of mind (פּיעס אוו מאינד) זעעלען=רוה; א רוהיג געמיטה; א רוהיגער קאפּ.

peace'-par'ty *n.* (פּיעס'-פּאר'-טי) א פריעדענס=פּארטיי, א פּארטיי וואס האלט פאר שלום.

peace'-pipe *n.* (פּיעס'-פּאיפּ) די פריעדענס=ליולקע [די ליולקע וואס צוזאמענגעקומענע פארשטעהער פון אינדיאנישע שבטים אין אמעריקא רויכערען אלס סמן פון שלום].

peach *n.* (פּיעטש) א פערסיק [אזא פלוימען=עהנליכע פרוכט]; א פערסיק=בוים [אויף וועלכען עס וואקסען פערסיקעס].

Peach

pea'-cha'fer *n.* (פּיע'-טשיי'-פער) ז. *pea-weevil*

peach'-blight *n.* (פּיעטש'-בלאיט) אזא שוואמיגער אנוואוקס אויף פערסיק=בוימער, וועלכער פערדארבט די בוימער אדער די פרוכט.

peach'-blos'som *n. and a.* (פּיעטש'-

בלאס'-אם) די בליהונג פון א פערסיק; א העל=געלבער קאליר; וואס איז שייך צו דער בליהונג פון א פערסיק=בוים.

peach'blow *n.* (פיעטש'-בלאו) א גלאזור פון א מין רויטען אדער העל=געלבען פארצעלייי; א מין קארטאפעל.

peach'-bor'er *n.* (פיעטש'-באור'-ער) אן אינזעקט, וועלכער בויערט זיך אין דער קארע פון א פערסיק=בוים און לעגט דארטען זיינע אייעלעך.

peach'-bran'dy *n.* (פיעטש'-ברענ'-די) דער פערסיקא=ליקער [א ליקער אדער שנאפס פון דעם זאפט פון פערסיקעס].

peach'-col'or *n.* (פיעטש'-קאל'-אר) פערסיק=קאליר [א העל=געלבער קאליר].

peach'-col'ored *a.* (פיעטש'-קאל'-ארד) פון א פערסיק=קאליר, פון העל=געלבער פארב.

peach'-down *n.* (פיעטש'-דאון) די ווייכע פוך פון דער שאלעכץ פון א פערסיק.

pea'cher *n.* (פיע'-טשער) א מוסר [דאנאסטשיק].

pea'chery *n.* (פיע'-טשער-אי) א פלאץ וואו עס וואקסען פערסיק=בוימער.

peach'-house *n.* (פיעטש'-האוס) אן אראנזשערעע, וואו עס וואקסען פערסיקעס.

pea'-chick *n.* (פיע'-טשיק) א יונגע פאווע.

peach'-stone *n.* (פיעטש'-סטאון) דאס ביינדעל אדער קערן פון א פערסיק.

peach'-tree *n.* (פיעטש'-טריע) א פערסיק=בוים.

pea'chy *a.* (פיע'-טשי) ווי א פערסיק; עהנליך צו א פערסיק.

peach'-yel'lows *n.* (פיעטש'-יעל'-און) א מין קראנקהייט פון פערסיקעס=בוימער.

pea'-coal *n.* (פיע'-קאול) זעהר קליינע קויהלען, ווי ארבעס.

pea'cock *n. and v.* (פיע'-קאק) 1. א פאווליו, דער זכר פון א פאווע; 2. ארויסשטעלען זיך מיט גדלות; 3. האלטען זיך מיט שטאלץ; געהן ווי א פאווע.

3. She peacocked up and down the terrace.

Peacock

pea'cock-but'terfly *n.* (פיע'-קאק-באט'-ער-פלאי) א זומער=פויגעלע אדער באבעלע, וועלכע האט אויף די פליגלען גלאנציגע פלעקען ווי די פעדערען פון א פאווע.

pea'cock-fish *n.* (פיע'-קאק-פיש) דער פאווע=פיש [אן אייראפעאישער ים=פיש, וועלכער גלאנצט אב מיט גרינע, בלויע, רויטע און ווייסע קאלירען].

pea'cock-pheas'ant *n.* (פיע'-קאק-פעז'-ענט) א פאזאן [אזא פויגעל] מיט פאווע=פעדערען.

pea'cock's-tail *n.* (פיע'-קאקס-טייל) זעהר א שעהן ים=גראז מיט ברייטע פעכער=עהנליכע בלעטער=שטענגלעך.

pea'-drop'per *n.* (פיע'-דראפ'-ער) א האנד=אינסטרומענט, מיט וועלכען מען זייהט ארבעס.

pea'fowl *n.* (פיע'-פאול) א פאווע.

pea'-green *n.* (פיע'-גריען) ארבעס=גרין [אן ארט גרינקייט עהנליך צו גרינע ארבעס].

pea'-gun *n.* (פיע'-גאן) ז. *pea-shooter*.

pea'hen *n.* (פיע'-העז) די נקבה פון פאוועס.

pea'-hul'ler *n.* (פיע'-האל'-ער) א מאשין צו דרעשען און אויסצושיילען ארבעס פון די סטרוטשקעס אדער שויטען.

pea'-jack'et *n.* (פיע'-דזשעק'-עט) אזא מאטראזען=רעקעל פון גראבען געוואנד.

peak *n. and v.* (פיעק) א שפיץ פון עפעס, אן ארויסגעשטארצטער פונקט; דער גיפפעל אדער שפיץ פון א בארג; דער אויבערשטער ווינקעל פון א זעגעל, וועלכער איז צוגעפעסטיגט צום קווערשטאנג פון מאסט; ארויסשטארצען ווי א שפיץ; צובינדען משופע'דיג דעם קווערשטאנג צום מאסט; האבען אן אויסגעצויגענעם פנים, אויסזעהן קרענקליך.

Peak

pea'ked *a.* (פיע'-קעד) 1. געשפיצט, מיט א שפיץ; 2. מיט אן אויסגעצויגענעם פנים, מיט א קרענקליכען אויסזעהן.

2. He looks very pale and peaked.

pea'king *a.* (פיע'-קינג) קרענקליך, פיינליך; נידריג, געמיין, עלענד.

pea'kish *a.* (פיע'-קיש) בערגעלדיג; שפיציג; מיט אן אויסגעצויגענעם פנים; קרענקליך.

pea'ky *a.* (פיע'-קי) געשפיצט, מיט שפיצען; וואס הויבט אן צו פוילען [וועגען בוימער און קלעצער].

peal *n. and v.* (פיעל) א ליארם; דאס קראכען [פון א דונער]; דאס שאלען [פון טרומייטען]; א קלינגעריי [פון גלאקען], א בראווא=פאטשעריי; א הארמאנישער גלאקען=קלאנג; א מוזיקאלישׁ שטיק וואס ווערט געשפיעלט מיט א סעריע פון גלאקען; שאלען, ליארמען; קראכען [ווי א דונער]; פאטשען [בראווא].

peal of applause' (פיעל אוו ע-פלאהז') א בראווא=פאטשעריי.

peal of laugh'ter (פיעל אוו לאפ'-טער) א קלינגענדער געלעכטער; א געלעכטער=אויסברוך.

peal of rain (פיעל אוו ריין) א שלאקס=רעגען.

pean *n.* (פיען) ז. *pœan*.

pea'nut *n.* (פיע'-נאט) א כינעזישער נוס, אן ערד=נוס, א פיסטאשקע [די פרוכט פון א מין באב=פלאנצע, וואס וואקסט ארום ווארצעל אונטער דער ערד]; די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסען די ערד=ניסלעך.

Peanut

pea'nut pol'itics (פיע'-נאט פאל'-אי-טיקס) קליינליכע פאליטיק, פאליטישע שטוקעס און שווינדלערייען צוליעב קלייניגקייטען.

pea'-pod *n.* (פיע'-פאד) אן ארבעס=שויט אדער סטרוטשקע; א מין רודער=שיפעל, געברויכט ביים כאפען ראקעס.

pear *n.* (פעהר) א באר, א בארנע; א בארען=בוים; א פערל וואס האט די פארם פון א בארנע.

Pear

pea'-rake *n.* (פיע'-רייק) א מאשין צו שניידען און צוזאמענקלייבען ארבעס פון פעלד.

pear'-blight *n.* (פעהר'-בלאיט) א קראנקהייט פון בארען=בוימער.

pear'iform *a.* (פעהר'-אי-פארם) בארנע=פערמיג, ווי א בארנע.

pearl *n. and v.* (פוירל) א פערל; א טייערע, קאסטבארע זאך; א בעלעם אדער בעלמע אויף'ן אויג; פערלמוטער; פערל=שריפט [א מין קליינע דרוקשריפט]; א טראפען צושמאלצענער מעטאל; בעזעצען אדער בעציערען מיט פערל; מאכען ווי פערל; אויסזעהן ווי פערל.

pearla'ceous *a.* (פוירל־ליי׳־שיאס) פערלדיג; ווי פערל אדער פערלמוטער.

pearl'ash *n.* (פוירל׳־עש) פערל־אש, אמעריקאנער פאטאש [פאטאש וואס איז פאזאנדערגעלאזען אין וואסער און דערנאך אויסגעטריקענט און פערדיכט געווארען אויף׳ן פייער].

pearl'-bar'ley *n.* (פוירל׳־באר׳־לי) פערל־גרויפען, פערל־גריץ.

pearl'-blue *n.* (פוירל׳־בלוה) פערל־בלוי [א קלארער בלאס־בלויער קאליר].

pearl'-disease' *n.* (פוירל׳־די־זיעז׳) שווינדזוכט [די דער] ביי בהמות.

pearl'-di'ver *n.* (פוירל׳־דאי׳־ווער) איינער וואס לאזט זיך ארונטער אין ים צו זוכען פערל.

pearled *a.* (פוירלד) אויסגעזעצט אדער בעציערט מיט פערל; עהנליך צו פערל: אויסגעזעצט מיט פרישטשעס: בעציערט מיט א ראנד־שנירעל. ז. *pearl-edge*.

pearl'-edge *n.* (פוירל׳־עדזש) א נעי־דרעהט ראנד־שנירעל אדער ראנד־פאדים וואס ווערט צוגענעהט צום ראנד פון שפי־צען, בענדער א. ד. ג.

pearl'-eye *n.* (פוירל׳־אי) א בעלעם אדער בעלמע אויף׳ן אויג.

pearl'-eyed *a.* (פוירל׳־איד) וואס האט א בעלעם [בעלמע] אויף׳ן אויג.

pearl'-fish *n.* (פוירל׳־פיש) א פישעלע פון די טראפישע ימים [בעזאנדערס ארום פאנאמא], וואס האלט זיך אויף אין די מושעלען פון פערל־אויסטערס.

pearl'-fish'ery *n.* (פוירל׳־פיש׳־ער־אי) פערל־פישעריי, דאס פאנגען פערל; א פערל־פישעריי [א פלאץ וואו מען פישט פערל].

pearl'-fish'ing *n.* (פוירל׳־פיש׳־אינג) פערל־פישעריי, דאס פאנגען פערל.

pearl'-gray *n.* and *a.* (פוירל׳־גריי) פערל־גרוי [א בלאסער בלוי־גרויער קא־ליר]; פון א פערל־גרויער פארב. ז. איל. *"Colors"*.

pear'liness *n.* (פויר׳־לי־נעס) פערל־דיגקייט, דאס האבען דעם אויסזעהן אדער די איינגענשאפטען פון פערל.

pear'ling *n.* (פויר׳־לינג) דאס מאכען פערל־גריץ, דאס אויסשיילען קערנער פון דער שאלעכץ; פערל־פישעריי, דאס כאפ־פען פערל אין ים; דאס מאכען רונדע אדער האלב־רונדע איינשניטע, אלס בע־ציערונג [ווי למשל, אין גלאז].

pear'ling-mill *n.* (פויר׳־לינג־מיל) א פערל־גריץ מיהל.

pearl'-oys'ter *n.* (פוירל׳־אויס׳־טער) דער פערל־אויסטער [א מין מאלוסקע פון די טראפישע ימים אין א מושעל, וואס שטעלט מיט זיך פאר צווי ניט גלייכע דעקלעך מיט אן אויערעל. אין דיעזער מושעל בילדעט זיך אויס דער בעסטער זארט פערל].

Pearl-oyster

pearl'-pow'der *n.* (פוירל׳־פאו׳־דער) פערל־פולווער, פערל־ווייס [א פודער וואס ווערט בענוצט צו מאכען שעהן און פריש דאס פנים]; א פולווער [פון ביסמוט־זאלץ], וואס ווערט בענוצט צו עמאלירען אדער גלאזירען כלים.

pearl'-sa'go *n.* (פוירל׳־סיי׳־גאו) פערל־סאגא [אן עסבארער קראכמאל־שטאף וואס ווערט געמאכט פון שטאם פון דער סאגא־פאלמע און זעהט אויס ווי קליי־נע הארטע קערנדלעך עהנליך צו פערל].

pearl'-shaped *a.* (פוירל׳־שייפט) וואס האט די פארם פון א פערל.

pearl'-shell *n.* (פוירל׳־שעל) א מושעל בעדעקט מיט פערלמוטער.

pearl'-spar *n.* (פוירל׳־ספאר) פערל־שפאט [א געוויסע פארם פון דעם מינע־ראל דאלאמיט. ז. *dolomite*].

pearl'-stitch *n.* (פוירל׳־סטיטש) א פערל־שטיך [איינע פון די האנד־אויגלעך אין שטיקעריי, ווי שפיצען, איינזאץ א. ד. ג.].

pearl'stone *n.* (פוירל׳־סטאון) דער פערלשטיין. ז. *perlite*.

pearl'-white *n.* (פוירל׳־הוואיט) א שטאף, פון וועלכען מען מאכט פאלשע פערל; פערל־פולווער, פערל־ווייס [ז. *pearl-powder*].

pear'ly *a.* (פויר׳־לי) פון פערל, פערל־דיג; פערל־פערמיג; עהנליך צו פערלמו־טער: אויסגעזעצט אדער בעשאטען מיט פערל; קלאר, ריין, שיינענד, גלאנציג.

pear'main *n.* (פעהר׳־מיין) א בארנע־עפעל [א זארט זעהר גוטע עפעל].

pear'monger *n.* (פעהר׳־מאנ־גער) איי־נער וואס האנדעלט מיט בארנעס.

pear'-shaped *a.* (פעהר׳־שייפט) בארנ־פערמיג, וואס האט די פארם פון א בארנע.

peart *a.* (פיערט) לעבעדיג, אקטיוו, גע־זונד, מונטער.

peart'ly *adv.* (פיערט׳־לי) פיהלענדיג זיך געזונד און מונטער; אויף א לעבע־דיגען, אקטיווען שטייגער.

pear'-tree *n.* (פעהר׳־טריע) א בארנ־בוים.

peas'ant *n.* (פעז׳־ענט) א פויער, א דארפסמאן; א לאנד־ארבייטער; וואס איז שייך צו א פויער; דארפיש; גראב.

peas'antlike *a.* (פעז׳־ענט־לאיק) פוי־עריש, ווי א דארפסמאן.

peas'antly *a.* (פעז׳־ענט־לי) פויעריש; וואס איז שייך צו פויערים; ווי א דארפס־מאן.

peas'antry *n.* (פעז׳־ענט־רי) פויערים, דאס פויערן־פאלק, די דארפסלייט.

peas'cod *n.* (פיעז׳־קאד) ז. *pea-pod*.

pease *n.* (פיעז) ארבעס; א זארט קליי־נע קויהלען.

pease'cod *n.* (פיעז׳־קאד) ז. *pea-pod*.

pease'-hook *n.* (פיעז׳־הוק) אן אינ־סטרומענט צו שניידען ארבעס.

pease'-meal *n.* (פיעז׳־מיעל) ארבעס־מעהל.

pease'-por'ridge *n.* (פיעז׳־פאר׳־ידזש) א קאשע פון ארבעס.

pea'-shell *n.* (פיע׳־שעל) ארבעס־שא־לעכץ, ארבעס־סטרוטשקעס, ארבעס־שויטען.

pea'-shell'er *n.* (פיע׳־שעל׳־ער) אן אינסטרומענט ארויסצונעהמען ארבעס פון די שויטען אדער סטרוטשקעס.

pea'-shoo'ter *n.* (פיע׳־שוה׳־טער) אן ארבעס־שיסער [א קינדערשעס שפיעל־צייג, וואס שיסט מיט ארבעס א. ד. ג.].

pea'-soup *n.* (פיע׳־סוהפ) ארבעס־זופ.

peat *n.* (פיעט) טארף [א הייץ־מאטעריאל וואס בילדעט זיך אויס פון איבערגעפויל־טע פלאנצען אין וואסער און אין פייכטער, זומפיגער ערד].

peat'-bed *n.* (פיעט׳־בעד) א טארף־שיכט אין דער ערד. ז. *peat*.

peat'-bog *n.* (פיעט׳־באג) א טארף־זומפ; א מאסע טארף אין א זומפיגען ארט. ז. *peat*.

peat'-char'coal *n.* (פיעט׳־טשאר׳־קאול) קויהלען פון איבערגעברענטען טארף.

peat'-coal *n.* (פיעט׳־קאול) א זארט ווייכע שטיין־קויהלען, א מין ליגניט אדער ברוין־קויהלען. ז. *lignite*.

peat'-coke *n.* (פיעט׳־קאוק) ז. *peat-charcoal*.

peat'-land *n.* (פיעט׳־לענד) טארף־לאנד [א פלאץ וואו עס געפינט זיך טארף].

peat'-moor *n.* (פיעט׳־מוהר) ז. *peat-moss*.

peat'-moss *n.* (פיעט׳־מאהס) א טארף־גרונד; א טארף־שיכט אין דער ערד; א מין מאך; מאך, פון וועלכען עס בילדעט זיך אויס טארף.

peat'-reek *n.* (פיעט׳־ריעק) טארף־רויך.

peat'-soil *n.* (פיעט׳־סאיל) א טארף־באָ־דען. ז. *peat*.

peat'y *a.* (פיעט׳־אי) טארפיג; וואס ענטהאלט טארף; עהנליך צו טארף.

pea'vey *n.* (פיע׳־ווי) א שטאנג מיט אן אייזערנעם שפיץ און מיט א קרוק אנ־צונעהמען און שלעפען קלעצער.

pea'-wee'vil *n.* (פיע׳־הוויע׳־וויל) דער ארבעס־זשוק [א קליין זשוקעל, וואס ער־נעהרט זיך מיט ארבעס].

pe'ba *n.* (פי׳־בא) דאס דרום־אמעריקא־נישע פאנצער־טהיער אדער ארמאדילא. ז. *armadillo*.

peb'ble *n.* and *v.* (פעבל) א קיזעל, א זאמד־שטיינדעל; א קרעמעל; דער בערג־קריסטאל [אזא דורכזיכטיגער מינעראל]; שיס־פולווער פון א גרויסען פארמאט; א לעדער וואס איז אויסגעארבייט אזוי, דאס עס זעהט אויס ווי בעשאטען מיט שטיינד־לעך: אויסארבייטען לעדער אזוי, אז עס זאל אויסזעהן קערנדיג אדער ווי בעשאטען מיט זאמד־שטיינדלעך.

peb'bled *a.* (פעבלד) קיזעלדיג; מיט קרעמענעס; פול מיט זאמד־שטיינדלעך.

peb'ble-leath'er *n.* (פעב׳ל־לעטה׳־ער) א לעדער וואס האט דעם אויסזעהן ווי בע־שאטען מיט קליינע זאמד־שטיינדלעך.

peb'ble-pa'ving *n.* (פעב׳ל־פיי׳־ווינג) א ברוק פון גלאטע רונדע שטיינדלעך.

peb'ble-stone *n.* (פעב׳ל־סטאון) קיזעל־שטיין.

peb'bleware *n.* (פעב׳ל־הוועהר) אן ארט וועדזשוואוד־געשיר [פאיאנס־כלים וואס זיינען געמאכט געווארען פון פער־שיעדען־קאלירטע מאטעריאלען]. ז. *Wedgwood ware*.

peb'ble-work *n.* (פעב׳ל־הוואירק) קי־זעל־ארבייט, דאס אויסלעגען מיט שטיינד־לעך.

peb'bling *n.* (פעב׳־לינג) אין לעדער־מאנופאקטור — דאס אויסארבייטען א לעדער אזוי, אז עס זאל זיין ניט גלאט, נאר שארסטקע, ווי בעשאטען מיט קליי־נע זאמד־שטיינדלעך.

peb'bling-machine' *n.* (פעב׳־לינג־מע־שין׳) אין לעדער־פאבריקאציאן — א מאשין צו מאכען א לעדער שארסטקע, ווי בעשאטען מיט קליינינקע שטיינדלעך.

peb'bly *a.* (פעב׳־לי) פול מיט קליינע שטיינדלעך.

peb'rine *n.* (פעב׳־רין) [א פעברין קראנקהייט פון זייד־ווערים, וואס ווערט פעראורזאכט דורך א געוויסען מיקראב].

pecan' *n.* (פי־קען׳) דער היקארי־נוס־בוים אדער דער פעקאן־נוסבוים [אזא אמעריקאנער נוסבוים]; דער היקארי־נוס, דער פעקאן־נוס [די פרוכט פון דיעזען בוים]. ז. *hickory*.

pec'ary *n.* (פעק׳־ע־רי) ז. *peccary*.

peccabil'ity *n.* (פעק־ע־ביל׳־אי־טי) זינדיגקייט.

pec'cable *a.* (פעק'-עבל) זינדיג.

peccadil'lo *n.* (פעק-ע-דיל'-או) א קליי־נע זינד, א לייכטע שולד.

pec'cancy *n.* (פעק'-ען-סי) א פעהלער, א חסרון, א שלעכטע אייגענשאפט; פער־דארבענהייט, שלעכטקייט, זינדיגקייט; א פערברעכען.

pec'cant *a.* (פעק'-ענט) זינדיג; פעהלער־האפט; שלעכט, פערדארבען.

pec'cantly *adv.* (פעק'-ענט-לי) אויף א זינדיגען אופן; פעהלערהאפט; פערדאר־בען.

pec'cary *n.* (פעק'-ע-רי) דער פעקארי [א ווילדער אמעריקאנער חזיר].



Peccary

pecca'vi (פע-קיי'-וואי) איך האב גע־זינדיגט, עס איז מיין שולד.

pec'co *n.* (פעק'-או) ז. *pekoe*

pech'blende *n.* (פעטש'-בלענד) ז. *pitchblende*

pech'urane *n.* (פעש'-יו-ריין) ז. *pitchblende*

peck *n. and v.* (פעק) 1. א פיק [מיט'ן שנאבעל]; 2. א קלאפ מיט א שפיציגען אינסטרומענט; 3. א מעסטעל [א פיער־טעל פון א בושעל, 8 קווארט]; 4. א מענ־גע; 5. פיקען, אויספיקען, אויסקלאפען [ווי למשל מיט א ברעך־אייזען].
3. I bought a **peck** of potatoes. 4. He has a **peck** of troubles these days.

peck at (פעק עט) פיקען אהן אויפהער, דאקוטשען, זיך בינדען, זיך טשעפען.
His wife is a nag. She is constantly **pecking** at him.

peck'er *n.* (פעק'-ער) א פיקער, א פוי־געל וואס פיקט; א ברעך־אייזען; קוראזש, מוטה.

peck'ing *n.* (פעק'-אינג) דאס טויטען פויגלען צילענדיג אין זיי מיט שטיינד־לעך; א ניט גוט דורכגעברענטער ציגעל.

peck'ing-bag *n.* (פעק'-אינג-בעג) א זעקעל צו האלטען שטיינדלעך, וועלכע מען ווארפט אין פויגלען, פרובירענדיג זיי צו טויטען.

peck'ish *a.* (פעק'-איש) עטוואס הונגע־ריג, האבענדיג אפעטיט.

Peck'sniffian *a.* (פעק'-סניפ-אי-ען) עהנליך צו פעקסניף, א העלד אין די־קענס'עס ווערק "מארטין טשאזלוויט"; היפאקריטיש.

pec'ten *n.* (פעק'-טען) א קאם; א קאם־עהנליכער אנוואוקס אדער קערפער־טייל.

pec'tinal *a.* (פעק'-טי-נעל) קאם־פערמיג, ווי א קאם.

pec'tinate *a.* (פעק'-טי-נייט) צייהניג ווי א קאם; קאם־עהנליך; וואס האט א קאם־עהנליכען קערפער־טייל.

pec'tinately *adv.* (פעק'-טי-נייט-לי) ווי א קאם.

pectina'tion *n.* (פעק-טי-ניי'-שאן) קאם־עהנליכקייט; עטוואס וואס איז עהנ־ליך צו א קאם; א קאם־עהנליכער אנ־וואוקס אדער קערפער־טייל; דאס זיין צו־זאמענגעשלאסען ווי צייהנער פון צוויי קא־מען.

pec'tora *n.* (פעק'-טא-רא) ברוסטען. ז. *pectus*

pec'toral *a. and n.* (פעק'-טא-רעל) וואס איז שייך צו דער ברוסט, וואס איז פערבונ־דען מיט דער ברוסט; א ברוסט־שילד; א ציערונג וואס מען טראגט אויף דער ברוסט; א אופר [וואס פארצייטיגע כהנים פלעגען טראגען]; א רפואה געגען ברוסט־קראנק־הייטען.

pec'toral arch (פעק'-טא-רעל ארטש) דער ברוסט־קאסטען געוועלב [די אקסעל־ביינער צוזאמען מיט די ביינער ביי די ריפען].

pec'toral gir'dle (פעק'-טא-רעל גוירדל) ז. *pectoral arch*

pec'torally *adv.* (פעק'-טא-רעל-אי) אין בעצוג צו דער ברוסט; אין דער לא־גע פון דער ברוסט.

pec'tus *n.* (פעק'-טאס) די ברוסט.

pec'ulate *v.* (פעק'-יו-לייט) בע'גנב'ענען; צונעהמען אנפערטרויטעס געלד אדער אנ־פערטרויטע זאכען.

pecula'tion *n.* (פעק-יו-ליי'-שאן) דאס בע'גנב'ענען, דאס צונעהמען אנפערטרוי־טעס געלד אדער אנפערטרויטע זאכען.
The treasurer of the company was guilty of **peculation**.

pec'ulator *n.* (פעק'-יו-ליי-טאר) איינער וואס בע'גנב'עט אדער נעהמט צו אנפער־טרויטעס געלד אדער אנפערטרויטע זא־כען.

pecu'liar *a. and n.* (פי-קיו'-ליאר) 1. אייגען, אייגענעלן, פערזענליך, אייגענ־טימליך, כאראקטעריסטיש; 2. בעזונדער, ספעציעל; 3. זאנדערבאר, אונגעוועהנליך; 4. עטוואס זאנדערבארעס; א זאנדערבא־רער מענש; אן אבגעזונדערטער קירכען־בעצירק מיט אן אונאבהענגיגער קירכען־פערוואלטונג; א שטאדט־בעצירק, וואס האט נאך ניט קיין גאנצע זעלבסטשטענדיגע שטאדט־פערוואלטונג, איז אבער אונאב־העגניג אין לאקאלע אנגעלעגענהייטען [פארצייטען אין שטאאט מאססאטשוזעטס, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע־ריקא].
1. Adam assigned to every creature a name **peculiar** to its nature. 2. Diplomatists must possess **peculiar** tact. 3. We noticed something **peculiar** in his manner.

pecu'liar institu'tion (פי-קיו'-ליאר אינ-סטי-טיו'-שאן) נעגער־שקלאפעריי [אז אויסדרוק וועלכער פלעגט געברויכט ווערען אין די זידליכע שטאאטען פון די פעראיי־ניגטע שטאאטען אין אמעריקא פאר דער נעגער־בעפרייאונג].

pecu'liarise *v.* (פי-קיו'-ליאר-איז) ז. *peculiarize*

peculiar'ity *n.* (פי-קיו-לי-ער'-אי-טי) אייגענטימליכקייט, זאנדערבארקייט.
He can be recognized from afar by the **peculiarity** of his dress.

pecu'liarize *v.* (פי-קיו'-ליאר-איז) מא־כען אייגענטימליך, אויסזונדערען.

pecu'liarly *adv.* (פי-קיו'-ליאר-לי) אויף אן אייגענטימליכען אופן; אויף א בעזונדערען שטייגער; זאנדערבאר, אויף א זאנדערבארען אופן.

pecu'liarness *n.* (פי-קיו'-ליאר-נעס) ז. *peculiarity*

Pecu'liar Peo'ple (פי-קיו'-ליאר פיפעל) אתה בחרתנו'קעס [אידען]; אזא רעליגיעזע סעקטע אין געוויסע געגענדען פון ענגלאנד, וועלכע גלויבט, אז יעדער מענש קען זיך אליין אין איין מאמענט בע־פרייען פון זיינע זינד און דעריבער זיינען ניט נויטיג קיין גלחים אין קיין קירכען. די זעלבע סעקטע גלויבט אויך, אז אלע קראנק־הייטען קענען געהיילט ווערען דורך תפלות.

pecu'lium *n.* (פי-קיו'-לי-אם) פריוואט איינענטום.

pecu'niarily *adv.* (פי-קיו'-ני-ע-רי-לי) אין בעצוג צו געלד אדער צו געלד־אנגעלעגענהייטען.

pecu'niary *a.* (פי-קיו'-ני-ע-רי) געלט־ליך, וואס געהערט צו געלד, וואס בעשטעהט אין געלד.

pecu'niary leg'acy (פי-קיו'-ני-ע-רי לעג'-ע-סי) ירושה־געלד.

pecu'niary pen'alty (פי-קיו'-ני-ע-רי פען'-על-טי) געלד־שטראף.

pedagog'ic *a. and n.* (פעד-ע-גאדזש'-איק) פעדאגאגיש, וואס איז שייך צו קינ־דער־ערציהונג; פעדאגאגיע, די לעהרע וועגען ערציהונג.

pedagog'ical *a.* (פעד-ע-גאדזש'-אי-קעל) פעדאגאגיש, וואס איז שייך צו קינ־דער־ערציהונג.

pedagog'ically *adv.* (פעד-ע-גאדזש'-אי-קעל-אי) אויף א פעדאגאגישען אופן; אין בעצוג צו פעדאגאגיע; לויט פעדאגא־גישע מעטאדען.

pedagog'ics *n.* (פעד-ע-גאדזש'-איקס) פעדאגאגיק, פעדאגאגיע, די ערציהונגס־וויסענשאפט.

ped'agogism *n.* (פעד'-ע-גאג-איזם) פעדאגאגיזם; דער כאראקטער אדער די אויפפיהרונג פון א פעדאגאג; פעדאנטיזם.

ped'agogue *n. and v.* (פעד'-ע-גאג) א פעדאגאג, אן ערציהער, א שול־לעהרער; א פעדאנט; ערציהען, אונטערריכטען.

ped'agoguish *a.* (פעד'-ע-גאג-איש) פעדאגאגיש; פעדאנטיש.

ped'agogy *n.* (פעד'-ע-גאו-דזשי) פע־דאגאגיק, פעדאגאגיע, די לעהרע וועגען ערציהונג; די ערציהונג אדער אונטערריכ־טונג פון קינדער.

ped'al *a., n. and v.* (פעד'-על) פוסיג, וואס געהערט צו א פוס; וואס איז שייך צו א פוס־עהנליכען טייל; וואס איז שייך צו א פעדאל [דער העבעל פון א מאשין, פון א פארטעפיאנא אדער פון אן אנדער עהנליכען מוזיקאלישען אינסטרומענט, וועל־כער ווערט אנגעטרעטען מיט'ן פוס אנ־צוהאלטען לענגער דעם טאן]; א פעדאל [פון א מאשין אדער מוזיקאלישען אינ־סטרומענט]; בעטרייבען דורך א פעדאל, בענוצען א פעדאל.

peda'le *n.* (פי-דיי'-לי) א טעפיך [קאוויאר] וואס ווערט אויסגעשפרייט פאר אן אלטאר; א זאמלונג פון רעליגיע־זע "אני מאמין"ס פון אלגעמיינע קירכען־ראטהען פון דער גריכיש־קאטוילישער קירך; דער פעדאל [פוס־העבעל] פון א פיאנא אדער ארגעל.

ped'alist *n.* (פעד'-על-איסט) א פיאנא־שפיעלער וואס איז זעהר געשיקט אין בע־נוצען די פעדאלען.

ped'al key (פעד'-על קיע) דער פעדאל [פוס־העבעל] פון אן ארגעל.

ped'al note (פעד'-על נאוט) א פעדאל־נאטע [א טאן אדער נאטע וואס בעקומט זיך פון אן ארגעל דורך אנטרעטען דעם פעדאל].

ped'ant *n.* (פעד'-ענט) א פעדאנט [איי־נער וואס שטעלט זיך אויף קליינע זאכען אין לערנען], א מקפיד, א מדקדק; א שול־לעהרער, א פעדאגאג.

pedan'tic *a.* (פי-דען'-טיק) פעדאנטיש, איבערטריבען פינקטליך.

pedan'tical *a.* (פי-דען'-טי-קעל) ז. *pedantic*

pedan'tically *adv.* (פי-דען'-טי-קעל-אי) אויף א פעדאנטישען אופן.

pedan'ticism *n.* (פי-דענ'-טי-סיזם) פעדאנטעריע; עטוואס פעדאנטישעס, א פעדאנטישער אויסדרוק, בעגריף א. ד. ג.

pedan'ticly *adv.* (פי-דענ'-טיק-לי) ז. *pedantically*

ped'antism *n.* (פעד'-ענ-טיזם) פעדאנ-טיזם, פעדאנטעריע, איבערטריבענע פינקט-ליכקייט.

ped'antize *v.* (פעד'-ענ-טאיז) זיין א פעדאנט, זיין א מדקדק, זיין א מקפיד; זיין איבערטריבען פינקטליך; זיך אב-שטעלען אויף קלייניגקייטען [בעזאנדערס אין לערנען].

pedantoc'racy *n.* (פעד-ענ-טאק'-רע-סי) א רעגיערונגס-סיסטעם וואס איז גע-גרינדעט אויף בוך-טעאריעס.

ped'antry *n.* (פעד'-ענ-טרי) פעדאנטע-ריע, פעדאנטיזם; איבערטריבענע פינקט-ליכקייט; דאס שטעלען זיך אויף קלייניג-קייטען אין לערנען; דאס זיין א מקפיד.

ped'ate *a.* (פעד'-אייט) וואס איז ענה-ליך צו א פוס; וואס איז געטיילט אין פינ-גער ווי א פוס [וועגען בלעטער פון געוויסע פלאנצען]; וואס האט פיס אדער פיס-עהנליכע טיילען.

ped'ate leaf (פעד'-אייט ליעף) א בלאט וואס איז געטיילט אין פינגער ווי א פוס.

Pedate Leaf

ped'ately *adv.* (פעד'-אייט-לי) אויף דעם אופן פון א פוס אדער פוס-עהנליכען טייל.

pedat'ifid *a.* (פי-דעט'-אי-פיד) אין באטאניק — וואס די אדערלעך פון בלאט זיינען געטיילט ווי פוס-פינגער, אבער דאס בלאט גופא איז נור געטיילט אין פינגער ביז צו העלפט.

pedat'inerved *a.* (פי-דעט'-אי-נורווד) וואס די אדערלעך זיינען געטיילט ווי פוס-פינגער [וועגען בלעטער].

ped'dle *v.* (פעדל) הויזירען, פעדלען, ארומטראגען סחורה איבער די הייזער; זיך בעשעפטיגען מיט קליין-קרע-מעריי; זיך אבגעבען מיט קלייניגקייטען.

ped'dler *n.* (פעד'-לער) א פעדלער, א הויזירער, א קאראבעלניק.

ped'dleress *n.* (פעד'-לער-עס) א פעד-לערקע, א הויזירערין.

ped'dlerism *n.* (פעד'-לער-איזם) קליין-קרעמעריי.

ped'dlery *n.* (פעד'-לער-אי) פעדלעריי, הויזירעריי; פעדלער-סחורות, קליינע סחורות וואס הויזירער טראגען ארום צו פערקויפען.

ped'dling *a. and n.* (פעד'-לינג) 1. קליינליך, אונבעדייטענד; 2. פעדלעריי; דאס זיין א פעדלער אדער קאראבעלניק.
2. His occupation is peddling.

ped'erast *n.* (פעד'-ע-רעסט) א פעדע-ראסט [איינער וואס בעטרייבט משכב זכור, א מאנספערזאן וואס האט אונאטיר-ליכען געשלעכטליכען פערקעהר מיט מע-נער, הויפטזעכליך מיט אינגלעך].

pederas'tic *a.* (פעד-ע-רעס'-טיק) פע-דעראסטיש, וואס איז שייך צו פעדעראס-טיע. ז. *pederasty*

ped'erasty *n.* (פעד'-ע-רעס-טי) פע-דעראסטיע, אוננאטירליכער געשלעכטלי-כער פערקעהר פון א מאנספערזאן מיט א מאנספערזאן, הויפטזעכליך מיט אינגלעך [משכב זכור].

pe'des *n.* (פיע'-דיעז) פיס; פיס-עהנלי-כע קערפער-טיילען. ז. *pes*

ped'estal *n. and v.* (פעד'-עס-טעל) א פעדעסטאל; א פאסטאמענט, א פוס-געשטעל פון א סטאטוע אדער בילד-זייל; אן אונטערלאגע; שטעלען אויף א פעדעס-טאל; אונטערשטיצען ווי א פעדעסטאל.

pedes'trial *a.* (פי-דעס'-טרי-על) וואס איז שייך צום פוס; וואס געהט צו פוס; וואס איז צוגעפאסט צום געהן.

pedes'trially *adv.* (פי-דעס'-טרי-על-אי) צו פוס; אזוי ווי א פוס-געהער.

pedes'trian *a. and n.* (פי-דעס'-טרי-ען) וואס געהט צו פוס; נידריג, געמיין, וואולגאר; א פוס-געהער; א פראפעסיא-נעלער פוס-געהער אדער לויפער.

pedes'trianism *n.* (פי-דעס'-טרי-ענ-איזם) די קונסט פון שנעל געהן אדער לויפען; דאס געהן צו פוס, דאס מאכען צו-פוס רייזען.

pedes'trianize *v.* (פי-דעס'-טרי-ענ-איז) געהן צו פוס, ארומרייזען צו פוס, וואנדערען.

pediat'ria *n.* (פעד-אי-עט'-רי-א) ז. *pediatrics*

pediat'ric *a.* (פעד-אי-עט'-ריק) וואס איז שייך צו קינדער-דאקטאריע.

pediatri'cian *n.* (פעד-אי-ע-טריש'-ען) ז. *pediatrist*

pediat'rics *n.* (פעד-אי-עט'-ריקס) קינ-דער-דאקטאריע, די מעדיצינישע און הי-גיענישע בעהאנדלונג פון קינדער.

pediat'rist *n.* (פעד-אי-עט'-ריסט) א קינדער-דאקטאר.

ped'iatry *n.* (פעד'-אי-עט-רי) ז. *pediatrics*

ped'icel *n.* (פעד'-אי-סעל) ז. *pedicle*

ped'icellate *a.* (פעד'-אי-סעל-אייט) וואס איז בעהעפט דורך א שטיץ-שטענ-געלע [וועגען בליהונג]. ז. *pedicle*

ped'icellated *a.* (פעד'-אי-סעל-איי-טעד) ז. *pedicellate*

pedicella'tion *n.* (פעד-אי-סע-ליי'-שאן) דאס האבען שטיץ-שטענגעלעך [וועגען בליהונג]. ז. *pedicle*

ped'icelled *a.* (פעד'-אי-סעלד) ז. *pedicellate*

ped'icle *n.* (פעד'-איקל) דאס קליינע שטיץ-שטענגעלע פון א בליהונג, מיט וועלכען זי איז בעהעפט צו דעם בלומען-שטענגעל [ביי פלאנצען, וואו מעהרע-רע בליהונגען וואקסען אויף איין שטענגעל]; א פוס-עהנליכער טייל; א פיסעל.


Pedicle

pedic'ular *a.* (פי-דיק'-יו-לאר) ז. *pediculous*

pedic'ulate *a.* (פי-דיק'-יו-לייט) ז. *pedicellate*

pedicula'tion *n.* (פי-דיק-יו-ליי'-שאן) לייזיגקייט, דאס זיין געפלאגט פון לייז.

Pediculi'na *n.* (פי-דיק-יו-לאי'-נא) לייז.

pedic'uline *a.* (פי-דיק'-יו-לין) לויז-עהנליך; וואס איז שייך צו לייז.

pediculo'sis *n.* (פי-דיק-יו-לא'-סיס) לייזיגקייט.

pedic'ulous *a.* (פי-דיק'-יו-לאס) לייזיג.

pedic'ulus *n.* (פי-דיק'-יו-לאס) א לויז; אין באטאניק — דאס שטיץ-שטענגעלע פון א בליהונג מיט וועלכען זי איז בע-העפט צום בלומען-שטענגעל [ביי פלאנ-צען וועלכע האבען מעהרערע בליהונגען אויף איין שטענגעל. ז. *pedicle*].

Pedic'ulus *n.* (פי-דיק'-יו-לאס) דער מין לייז.

ped'icure *n.* (פעד'-אי-קיור) די קורי-רונג אדער די אויפפאסונג פון די פיס; איינער וואס זיין ספעציאליטעט איז קו-רירען פיס.

pedif'erous *a.* (פי-דיפ'-ע-ראס) וואס האט פיס אדער פוס-עהנליכע טיילען.

ped'iform *a.* (פעד'-אי-פארם) פוס-פער-מיג, ווי א פוס.

pedig'erous *a.* (פי-דידזש'-ע-ראס) פיסיג, וואס האט פיס.

ped'igree *n.* (פעד'-אי-גריע) די אב-שטאמונג, דער שטאם, דער שטאם-צעטעל.

ped'igreed *a.* (פעד'-אי-גריעד) פון א יחוס'דיגער אבשטאמונג.

pedila'vium *n.* (פעד-אי-ליי'-ווי-אם) א רעליגיעזע צערעמאניע פון וואשען די פיס.

pedilu'vium *n.* (פעד-אי-ליו'-ווי-אם) א פוס-וואנע; דאס באדען די פיס.

Pedim'ana *n.* (פי-דימ'-ע-נא) די הענד-פיסיגע חיות [חיות וועלכע האבען הענד-עהנליכע פיס, ווי די לעמורען, די אמעריקאנער בייטעל-טהיערע א. ד. ג.].

ped'imane *a. and n.* (פעד'-אי-מיין) הענד-פיסיג [וועגען חיות וואס האבען הענד-עהנליכע פיס]; א הענד-פיסיגע חיה.

pedim'anous *a.* (פי-דימ'-ע-נאס) הענד-פיסיג [וועגען חיות וואס האבען הענד-עהנליכע פיס]. ז. *Pedimana*

ped'iment *n.* (פעד'-אי-מענט) א ציער-גיבעל [א פערציערונגס-דעקעל איבער א טהיר אדער פענסטער].

Pediment

pedimen'tal *a.* (פעד-אי-מענ'-טעל) וואס האט די פארם פון א פערציערונגס-גיבעל; וואס איז שייך צו א פערציע-רונגס-גיבעל. ז. *pediment*

ped'imented *a.* (פעד'-אי-מענ-טעד) וואס האט א פערציערונגס-גיבעל; וואס איז קאנסטרואירט אין דער פארם פון א פערציערונגס-גיבעל. ז. *pediment*

pedim'etry *n.* (פי-דימ'-עט-רי) מעס-טונג דורך שריט.

ped'ipalp *n. and a.* (פעד'-אי-פעלפ) איינער פון די פיהל-הערנדלעך פון א שפין אדער פון שפין-עהנליכע בעשעפע-נישען; א שפין וואס האט פיהל-הערנ-לעך [די פיסלעך וואס געהען ארויס פון דעם קאפ פון א שפין און וועלכע דינען איהר אנצונעהמען שפייז און אלס פיהל-ארגאנען]; וואס איז שייך צו א פיהל-הערנדעל פון א שפין אדער צו א שפין וואס האט אזעלכע הערנדלעך.

pedipal'pus *n.* (פעד-אי-פעל'-פאס) איינער פון די פיהל-הערנדלעך פון א שפין אדער פון די שפין-עהנליכע בע-שעפענישען.

ped'lar *n.* (פעד'-לער) ז. *peddler*

ped'ler *n.* (פעד'-לער) ז. *peddler*

ped'lerism *n.* (פעד'-לער-איזם) ז. *peddlerism*

ped'lery *n.* (פער'-לער-אי) ז. *peddlery*.

pedobap'tism *n.* (פיע-דא-בעפ'-טיזם) די קינדער=טויפע [ביי קריסטען].

pedobap'tist *n.* (פיע-דא-בעפ'-טיסט) אן אנהענגער פון קינדער=טויפע.

ped'omancy *n.* (פער'-א-מענ-סי) וואהרזאגונג דורך מעסטען די פוס=זוילען [די פיאטעס פון די פיס].

pedom'eter *n.* (פי-דאמ'-ע-טער) א שריט=צעהלער אדער שריט=מעסטער [אן אינסטרומענט מיט וועלכען עס ווערט געמאסטען וויפיעל שריט א פערזאן מאכט ביים געהן און לויט דעם די גרויס פון דער אבגעגאנגענער שטרעקע].

pedomet'ric *a.* (פעד-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א שריט=מעסטער; וואס איז געמאסטען דורך א שריט=מעסטער. ז. *pedometer*.

pedomet'rical *a.* (פעד-א-מעט'-רי-קעל) ז. *pedometric*.

pedomo'tive *a.* (פעד-א-מאו'-טיוו) וואס ווערט געטריבען מיט די פיס.

pedomo'tor *n.* (פעד-א-מאו'-טאר) א מאשין וואס ווערט געטריבען מיט די פיס [ווי א וועלאסיפעד, א פוס=נעה=מאשין א. ד. ג.]; די פוס=פארריכטונג אין א מעכאניזם וועלכע ווערט בעטריבען מיט די פיס [ווי די פעדאלען פון א וועלאסיפעד, פון א פוס=נעה=מאשין א. ד. ג.]; א ראלגליטש=שוה.

pedonosol'ogy *n.* (פיע-דא-נא-סאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קינדער=קראנקהייטען.

ped'regal *n.* (פער'-רע-געל) א פעלזיגע געגענד [בעזאנדערס אין אן ארט וואו עס געפינען זיך וואולקאנען אדער פייער=שפייענדע בערג].

pedun'cle *n.* (פי-דאנ'קל) א בלומען=שטענגעל [דאס שטענגעל אויף וועלכען עס שטיצט זיך די בליהונג פון א פלאנצע]; א פוס=עהנליכער טייל ביי א בעשעפעניש.

pedun'cled *a.* (פי-דאנ'קלד) ז. *pedunculate*.

pedun'cular *a.* (פי-דאנ'-קיו-לאר) וואס איז שייך צו א בלומען=שטענגעל; וואס וואקסט אויף א בלומען=שטענגעל; וואס איז שייך צו א בויך=פיסעל פון אן אינזעקט.

pedun'culate *a.* (פי-דאנ'-קיו-לייט) וואס האט א בלומען=שטענגעל, וואס וואקסט אויף א שטענגעל.

pedun'culated *a.* (פי-דאנ'-קיו-ליי-טעד) ז. *pedunculate*.

pee *n.* (פיע) דער שפיץ פון אן אנקער=ארם וואס גראבט זיך אריין אין גרונד.

peek *v.* (פיעק) קוקען בגנבה, קוקען ווי דורך א שפאלט.

peek'-a-boo *n.* (פיעק'-ע-בוה) אזא קינדער=שפיעל אין בעהעלטעניש וואו דער וואס בעהאלט זיך בעווייזט זיך פלוצלונג און שרייט אויס "פיק=ע=בוה"; דאס בעהאלטען זיך און פלוצלונג זיך בעווייזען.

peel *v. and n.* (פיעל) שיילען, אבשיילען; ארא בציהען די הויט; פלינדרען, רויבען; זיך אבשיילען; זיך אויסטהאן [די קליידער]; האלטען אפען אדער ניט צוגעדעקט; שאלעכץ, הויט; קארע; א לאפעטקע; א ברויט=לאפעטע; דער בריי טער פלאכער טייל פון א רודער=לאפעטע; א פעסטונגס=טורם, א פעסטונג.

peeled *a.* (פיעלד) אבגעשיילט, אראבגעשיילט די הויט, די שאלעכץ אדער די קארע.

pee'ler *n.* (פיע'-לער) אן אבשיילער; א רויבער, א פלינדרערער; א פאליציסט.

peel'-house *n.* (פיעל'-האוס) א פעסטונגס=טורם, א פעסטונג.

pee'ling *n.* (פיע'-לינג) דאס אבשיילען; שאלעכץ.

peen *n. and v.* (פיען) דער שפיציגער, אבגערונדעטער אדער שארפער ענד פון דעם קעפעל פון א האמער; קלאפען מיט דיעזען ענד.

peen'-ham'mer *n.* (פיענ'-העמ'-ער) א האמער וואס דער צווייטער ענד פון קעפעל איז מיט א שארף.

peep *v. and n.* (פיעפ) 1. זיך אנפאנגען בעווייזען אדער ארויסצוזעהן; אנפאנגען ארויסצושפראצען; 2. קוקען בגנבה, אריינקוקען ווי דורך א שפאלט; 3. פיפטשען [ווי א יונג פויגעלע]; ריידען מיט א פיפטש; 4. א בגנבה'דיגער קוק, א קוק דורך א שפאלט; 5. דאס אויפברעכען אויף טאג; 6. א שפאלט דורך וועלכען מען קען קוים דורכקוקען; 7. א פיפטש [ווי פון א יונגען פויגעלע].

1. The flowers **peep** from the ground. 2. The child **peeps** in at the door. 5. We were waiting for the **peep** of the day. 7. I heard the **peep** of the young birds.

peep'-bo *n.* (פיעפ'-באו) אזא שפיעל אין בעהעלטעניש. ז. *peek-a-boo*.

pee'per *n.* (פיע'-פער) איינער וואס קוקט בגנבה, איינער וואס קוקט נאך בעהאלטענערהייד; א נייגעריגער מענש; אן אויג; א היהנדעלע ערשט פון איי; א פיפטשענד פויגעלע.

peep'-eye *n.* (פיעפ'-אי) ז. *bo-peep*.

peep'-hole *n.* (פיעפ'-האול) א קוק=לאך.

pee'ping-hole *n.* (פיע'-פינג-האול) ז. *peep-hole*.

pee'ping Tom (פיע'-פינג טאם) א נייגעריגער מענש, איינער וואס וויל אלעס זעהן.

Peep-o'-day' Boy (פיעפ-א-דיי' באי) א מיטגליעד פון א געוויסער פראטעסטאנטישער סעקטע אמאל אין נארד=אירלאנד [אונגעפעהר אין די יאהרען 1784—95].

peep'-show *n.* (פיעפ'-שאו) א קוק=קאסטען [אזא קאסטען אין וועלכען עס ווערען געצייגט בילדער דורך א פערגרעסערונגס=גלאז].

pee'pul *n.* (פיע'-פאל) דער הייליגער פייגען=בוים, דער געצען=בוים אין אינדיען.

pee'py *a.* (פיע'-פי) שלעפריג, פערשלאפען.

peer *v. and n.* (פיער) דורכדרינגען מיט'ן בליק, שארף אריינקוקען; ערשיינען; א גלייכען; א חבר, א קאמעראד; א פער [אן אדעל=טיטול].

peer'age *n.* (פיער'-עדזש) די ווירדע פון א פער; די פערס, די אדעל=לייט, די פני.

Peer'age *n.* (פיער'-עדזש) א בוך וואס ענטהאלט די היסטארישע איינצעלהייטען און אבשטאמונגען פון די פערס [אדעליגע אין ענגלאנד].

peer'ess *n.* (פיער'-עס) די פרוי פון א פער, א פרוי פון העכערען אדעל.

peer'ie *n.* (פיער'-אי) אזא דריידעל וואס מען בריינגט אין בעוועגונג מיט דער הילף פון א שטריקעל.

peer'less *a.* (פיער'-לעס) וואס האט קיין גלייכען.

As an orator he is **peerless** in this country.

peer'lessly *adv.* (פיער'-לעס-לי) אונפערגלייכליך; ניט האבענדיג קיין גלייכען.

peer'lessness *n.* (פיער'-לעס-נעס) אונפערגלייכליכקייט.

peer'y *a. and n.* (פיער'-אי) שארף אנקוקענדיג, דורכדרינגענדיג מיט'ן בליק; נייגעריג; אזא דריידעל וואס מען בריינגט אין בעוועגונג מיט דער הילף פון א שטריקעל.

pee'vish *a.* (פיע'-וויש) פערדריסליך, בייז, אנגעכמורעט; קאפריזנע.

pee'vishly *adv.* (פיע'-וויש-לי) אויף אן אנגעכמורעטען, בייזליכען אדער קאפריזנעם אופן.

pee'vishness *n.* (פיע'-וויש-נעס) פערדריסליכקייט, בייזקייט; קאפריזנעקייט.

pee'wit *n.* (פיע'-הוויט) ז. *pewit*.

peg *n. and v.* (פעג) א טשוועקעל אדער שטיפט [ווי די, מיט וועלכע מען שלאגט צו א פאדעשווע אדער זויל פון א שוך]; דער ווירבעל אדער דער שליסעל פון א סטרונעס=אינסטרומענט [איינס פון די העלצלעך מיט וועלכע מען ציהט אן די סטרונעס פון א פיעדעל, וויאלין טשעלא א. ד. ג.]; א פלעקעל פון האלץ אדער מעטאל וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען [ווי אין מאשינעריע, מעכאניזמען, ווערק=צייג א. ד. ג.]; א קלאמער פעסטצוהאלטען וועש אויף א שטריק; דאס פלעקעל וואס ווערט אריינגעשלאגען אין דער ערד צו בעפעסטיגען אביידעל אדער געצעלט; דער פוס, דער טראט; א קלאפ, א זעץ; א געטראנק פון סאדעוואסער מיט שנאפס; אריינשלאגען שטיפטען אדער טשוועקלעך; בעפעסטיגען מיט פלעקלעך; אנהאלטען דעם פרייז פון א געוויסער סחורה [קויפענדיג אדער פערקויפענדיג די גאנצע מאסע מיט אמאל, כדי ניט צו דערלאזען, אז אנדערע זאלען אויפהויבען אדער ארונטערשניידען דעם פרייז]; פארטזעצען מיט עקשנות א געוויסע טהעטיגקייט.

peg along' (פעג ע-לאהנג') בעשטעהן מיט עקשנות אויף א געוויסער טהעטיגקייט; טיכטיג ארבייטען אין עפעס.

Peg'asus *n.* (פעג'-ע-סאס) אין דער אלט=גריכישער מיטאלאגיע — פעגאזוס, דאס פערד מיט פליגלען, וואס טראגט אויף זיך די מוזען און איז דער קוואל פון פאעטישער בעגייסטערונג; אין אסטראנאמיע — א געוויסע צוזאמענשטעלונג פון שטערען.

Pegasus

peg away' (פעג ע-הוויי') ז. *peg along*.

peg'-cut'ter *n.* (פעג'-קאט'-ער) א מאשין צום שניידען הילצערנע טשוועקלעך.

peg'ger *n.* (פעג'-ער) איינער וואס בעפעסטיגט מיט טשוועקלעך אדער פלעקלעך; א מאשין וואס שלאגט אריין טשוועקלעך אין א שוך.

peg'ging *n.* (פעג'-אינג) דאס אנשלאגען

טשוועקעס; הילצערנע נעגעל; דאס שלאָגען, דאס קלאפּען.

peg'ging-awl *n.* (פעג'-אינג-אהל) א קורצע שוסטער-אהל צו מאכען לעכער אין א זויל [פּאדעשווע] אום ארייצושלאָגען די הילצערנע טשוועקלעך.

peg'ging-jack *n.* (פעג'-אינג-דזשעק) אן אפּאראט צו האלטען דעם שוך אין א בעשטימטער לאגע בעת מען בעשלאָגט די זויל מיט טשוועקעס.

peg'ging-machine' *n.* (פעג'-אינג-מע-שין') א מאשין וואס שלאָגט אריין טשוועקלעך אין א שוך.

peg'gy *a. and n.* (פעג'-אי) ווי א פּלעקעל; אזא זינג-פויגעלע [ז. *warbler*].

peg'-joint *n.* (פעג'-דזשאינט) ז. *gomphosis*.

peg'-lad'der *n.* (פעג'-לעד'-ער) א שטאנגען-לייטער [אזא לייטער וואס בעשטעהט פון איין שטאנג, פון וועלכען עס שטארצען ארויס פּלעקלעך].

peg'-leg *n.* (פעג'-לעג) א פּראָסטער הילצערנער פוס; איינער וועלכער געהט אויף א הילצערנעם פוס.

peg'matite *n.* (פעג'-מע-טאיט) פּעגמאטיט [א פּראָסטער זארט גראניט-שטיין].

peg on (פעג אן) פּארט-ציהען ווייטער; פּארט-זעצען מיט אנשטרענגונג.

peg out (פעג אוט) שטארבען; געווינען דעם לעצטען פּונקט אין ענגלישען קארטען-שפּיעל "קריבעדזש". ז. *cribbage*.

peg'-strip *n.* (פעג'-סטריפּ) אין שוך-פאבריקען — א צוזאמענגעראָלטער הילצערנער באנד, פון וועלכען די מאשין שניידט אב טשוועקלעך און שלאָגט זיי אריין אין זויל פון שוך.

peg'-top *n. and a.* (פעג'-טאפּ) א הילצערן דריידעל אדער קרייזעל אין דער פארם פון א בארנע מיט אן אייזערנעם שפּיץ; ענליך צו א דריידעל.

peg'tops *n.* (פעג'-טאפּס) א זארט הויזען זעהר ברייט פון אויבען און שמאָל פון אונטען.

pehtun'tse *n.* (פע-טאנ'-טסע) א מין פּארצעליין-ליים וואס די כינעזער מאכען פון צופּאלענעם גראניט.

peignoir' *n.* (פע-נואר') א פּעניואר, א פרויען-מארגען-קלייד פון לייכטען שטאָף.

peiram'eter *n.* (פאי-רעמ'-ע-טער) ז. *pirameter*.

peiras'tic *a.* (פאי-רעס'-טיק) וואס פּרובירט; וואס מאכט א פּערזוך.

pejora'tion *n.* (פי-דזשא-ריי'-שאן) די פערדארבונג; דאס ווערען ערגער; די ארונטערזעצונג פון ווערטה; דאס מאכען וועניגער בעדייטענד.

pe'jorative *a. and n.* (פי'-דזשא-רע-טיוו) פערדארבענד; מאכענד אדער ווערענד ערגער; אין גראמאטיק — א ווארט, וואס ערנידריגט דעם ווערטה פון עפּעס אדער אימיצען [ווי למשל, "פּאָליטיקא-" פון "פּאָליטיקער", "גראמען-מאכער" פון "פּאָעט" א. ד. ג.].

pe'joratively *adv.* (פי'-דזשא-רע-טיוו-לי) אויף א פערדארבענדען אדער ערנידריגענדען אופן.

pejor'ity *n.* (פי-דזשאר'-אי-טי) ז. *pejoration*.

pek'an *n.* (פעק'-ען) דער קאנאדער מארדער [א קליינע רויב-חיה ענליך צו א טכויר אדער וועשעק פון צפון-אמעריקא. האלט זיך מייסטענס אויף ביימער].

pe'koe *n.* (פי'-קאו) די פּעקאָ-טהעע [דער בעסטער זארט שווארצע טהעע].

pel *n.* (פעל) א שטעקען, מיט וועלכען מען פּראקטיצירט די פעכט-קונסט.

pelade' *n.* (פע לאד') א מין הויט-קראנקהייט, ביי וועלכער די האר פאלען אויס קרייזענווייז.

pel'age *n.* (פעל'-עדזש) די האר, די וואל, דאס פוטער אדער פעלץ פון חיות.

pela'gian *a. and n.* (פי-ליי'-דזשי-ען) וואס איז שייך צום ים; אקעאניש; וואס געפינט זיך אין טיעפען וואסער פון ים; א חיה, וואס לעבט אין טיעפען וואסער פון ים.

Pela'gian *a. and n.* (פי-ליי'-דזשי-ען) וואס איז שייך צו פעלאגיאניזם; א נאכפאלגער פון פעלאגיאניזם. ז. *Pelagianism*.

Pela'gianism *n.* (פי-ליי'-דזשי-ען-איזם) פעלאגיאניזם, די לעהרען פון פעלאגיוס [א בריטישער מאנאך, וואס האט געלעבט אין 5טען יאהרהונדערט] און זיינע נאכפאלגער. די לעהרען זיינען בעשטאנען אין דעם, אז דער מענש ווערט ניט געבוירען מיט אן אינערליכער טבע צו זינדיגען און קען אליין זוכה זיין צו גליקזעליגקייט אדאנק זיין פרייער בחירה און אהן דער אריינמישונג פון געטליכער השפעה. דעריבער איז דאס טויפען קליינע קינדער אן איבריגע זאך.

pelag'ic *a.* (פי-לעדזש'-איק) וואס איז שייך צום ים; אקעאניש; וואס געפינט זיך טיעף אין ים [וועגען חיות און פלאנצען].

pela'gra *n.* (פע-ליי'-גרא) ז. *pellagra*.

pel'amis *n.* (פעל'-ע-מיס) א קליינער זארט טהונפיש אדער סקומבריא.

Pelas'gi *n.* (פי-לעס'-דזשי) די פעלאזגען, אן אוראלטע ראסע, וועלכע האט בעוואהנט גריכענלאנד און איז שפעטער בעזיגט געווארען פון די העלענען אדער גריכען.

Pelas'gic ar'chitecture (פי-לעס'-דזשיק אר'-קי-טעק-טשור) די פעלאזגיישע ארכיטעקטור, די פארצייטיגע גריכישע ארכיטעקטור [פון גרויסע, ניט געהובעלטע שטיינער, צונויפגעלעגט אהן צעמענט].

Pelas'gic build'ing (פי-לעס'-דזשיק בילד'-אינג) ז. *Pelasgic architecture*.

pel'ecoid *n.* (פעל'-ע-קאיד) א געאמעטרישע פיגור אין דער פארם פון א העקעל מיט צוויי קאנוועקסע און צוויי קאנקאווע קוואדראטען אדער פיערטעל-קרייזען.



Pelecoid

pel'erine *n.* (פעל'-ע-רין) א פעלערינע, א קורצער אויבערשטער פרויען-מאנטעל אהן ארבעל, וואס פערשפּילעט זיך ביים האלז און הענגט איבער די אקסלען.

pelf *n.* (פעלף) געלד, רייכטום; פערפלוכטעס געלד [ז. *filthy lucre*].

pel'ican *n.* (פעל'-אי-קען) דער פעליקאן אדער קראפּ-גאנז [א גרויסער שווים-פויגעל מיט א לאנגען און ברייטען שנאבעל, אונטער וועלכען עס הענגט אראב א מין זעקעל, וואו ער האלט די פיש וואס ער כאפּט]; א כעמיש דיסטילירגלאז מיט צוויי נעזלעך, וואס שטארצען ארויס פון ביידע זייטען און בויגען זיך אויס אזוי, דאס זייערע ענדען געהען אריין צוריק אין מיטען פון דער קאלבע; ביי דענטיסטען אדער צייהן-דאקטוירים — א מין צווייגעל אדויסצורייסען צייהנער; א מין קרוק וואס האט די פארם פון א פעליקאן-שנאבעל.



Pelican

perfume' *n. and v.* (פויר-פיום') פארפיום; א זיסער אנגענעהמער גערוך; א דופטענדע זאך; דופטען, ארויסלאזען א זיסען אנגענעהמען גערוך; פארפיומירען.

per'fume-bur'ner *n.* (פויר'-פיום-בויר'-נער) א כלי, אין וועלכער מען רויכערט פארפיומען אדער זיס-שמעקענדע זאכען.

per'fume-foun'tain *n.* (פויר'-פיום-פאונ'-טען) אזא שפריצער צו שפריצען פארפיומען.

perfu'mer *n.* (פויר-פיו'-מער) א פערקויפער פון פארפיום-ארטיקלען; איינער וואס מאכט פארפיומען; א דופטענדע זאך.

perfu'mery *n.* (פויר-פיו'-מער-אי) פארפיומען; די קונסט צו מאכען פארפיומען.

per'fume-set *n.* (פויר'-פיום-סעט) א גאנג פון פערשיעדענע כלים און ארטיקלען וואס ווערען בענוצט צום טואלעט.

perfu'my *a.* (פויר-פיו'-מי) דופטענד, זיס שמעקענד, וואס האט אן אנגענעהמען גערוך.

perfunc'torily *adv.* (פויר-פאנק'-טא-רי-לי) אויף א נאכלעסיגען, אויבערפלעכליכען שטייגער; אהן אינטערעס.

perfunc'toriness *n.* (פויר-פאנק'-טא-רי-נעס) נאכלעסיגקייט, אויבערפלעכליכקייט; דאס טהאן א זאך אבי פטור צו ווערען.

perfunc'tory *a.* (פויר-פאנק'-טא-רי) נאכלעסיג; אויבערפלעכליך; אהן אינטערעס.

perfunc'turate *v.* (פויר-פאנק'-טשו-רייט) טהאן עפעס זעהר נאכלעסיג, אויבערפלעכליך אדער אהן אינטערעס צו דער זאך.

perfuse' *v.* (פויר-פיוז') בעשפריצען; איבערגיסען; דורכשטרעמען.

perfu'sion *n.* (פויר-פיו'-זשאן) די בעשפריצונג; דאס איבערגיסען, די דורכשטראמונג.

perfu'sive *a.* (פויר-פיו'-סיוו) בעשפריצענד; איבערגיסענד; וואס שטראמט דורך.

pergame'neous *a.* (פויר-גע-מי'-ני-אס) פארמעט-ארטיג.

per'gola *n.* (פויר'-גא-לא) א מין וועראנדע אדער באלקאן.

per'gula *n.* (פויר'-גיו-לא) .ז *pergola*

perhaps' *adv. and n.* (פויר-העפס') אפשר, פיליכט; מעגליך; אונגעוויסהייט; מעגליכקייט.

pe'ri *n.* (פי'-רי) אין דער פערסישער מיטאלאגיע — די פערי [געוויסע גייסטער אדער שדים, אין וועלכע עס זיינען פערוואנדעלט געווארען די מלאכים, וואס זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון גן-עדן און אראבגעווארפען געווארען אויף דער ערד].

peria'gua *n.* (פער-אי-א'-גהווא) א שיפעל וואס איז אויסגעהאקט פון איין שטאם פון א בוים [ווערט בענוצט פון די אינדיאנער אין אמעריקא].

periak'tos *n.* (פער-אי-עק'-טאס) אין אלט-גריכישען טעאטער — איינע פון די צוויי מאשינען פון ביידע זייטען פון דער ביהנע, וועלכע מען פלעגט בענוצען איבערצודרעהען אדער איבערצובייטען די דעקאראציאנען.

per'ianth *n.* (פער'-אי-ענטה) דאס בלומען-שיירעל [די בלעטעלעך, וועלכע וויקלען ארום א בלום].

perian'thium *n.* (פער-אי-ענ'-טהי-אם) .ז *perianth*

per'iapt *n.* (פער'-אי-עפט) אן אמולעט, א קמיע [א זאך וואס מען טראגט אלס א מיטעל אדער פערהיטונג פון א וועלכער ניט איז צרה].

periarteri'tis *n.* (פער-אי-אר-טע-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דעם אויבערשטען הייטעל פון אן ארטעריע.

periarthri'tis *n.* (פער-אי-אר-טהראי'-טיס) די ענטצינדונג פון געוועב ארום א געלענק.

periblep'sis *n.* (פער-אי-בלעפ'-סיס) דאס וואהנזיניגע אויסזעהן פון א מענשען וואס רעדט פון היץ.

perib'olos *n.* (פע-ריב'-א-לאס) אין אלט-גריכענלאנד — אן ארומגעצאמטער הויף [פאר טעמפלען, סטאטועז א. ז. וו.].

pericar'diac *a.* (פער-אי-קאר'-די-עק) .ז *pericardial*

pericar'dial *a.* (פער-אי-קאר'-די-על) וואס רינגעלט ארום אדער שליסט איין דאס הארץ; וואס איז שייך צום הארץ-בייטעל. .ז *pericardium*

pericardi'tis *n.* (פער-אי-קאר-דאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון הארץ-בייטעל.

pericar'dium *n.* (פער-אי-קאר'-די-אם) דער הארץ-בייטעל [דאס הויט-זעקעל וואס רינגעלט ארום דאס הארץ].

per'icarp *n.* (פער'-אי-קארפ) דער זאמען-ארט פון פלאנצען, די פרוכט-הילזע.

pericar'pium *n.* (פער-אי-קאר'-פי-אם) .ז *pericarp*

perichondri'tis *n.* (פער-אי-קאן-דראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער קנארפעל-הויט [דאס הייטעל וואס בעדעקט די כראמשקע].

perichon'drium *n.* (פער-אי-קאנ'-דרי-אם) די קנארפעל-הויט [דאס הייטעל וואס בעדעקט די כראמשקע].

Pericle'an *a.* (פער-אי-קלי'-ען) וואס איז שייך צו פעריקלעס [דער הויפט פון דער שטאדט אטהען, אין אלט-גריכענלאנד, אין דער צייט ווען זי האט זיך געפונען אין גלענצענדסטען צושטאנד, אונגעפעהר אין 5טען יאהרהונדערט פאר קריסטוס'עס געבורט]; וואס איז שייך צו דער אינטעלעקטועלער און מאטעריעלער בליהונגס-צייט פון דער שטאדט אטהען.

peric'ope *n.* (פי-ריק'-א-פי) די פעריקאפע [א געוויסע שטעלע פון די הייליגע שריפטען וואס ווערט געלעזען אין געוויסע זונטאגס אין קירך].

pericra'nial *a.* (פער-אי-קריי'-ני-על) וואס בעדעקט אדער רינגעלט ארום דעם קאפ-שארבען [ווי די הויט]; וואס איז שייך צו דער הויט פון דעם קאפ-שארבען אדער צום קאפ-שארבען.

pericra'nium *n.* (פער-אי-קריי'-ני-אם) די הויט פון דעם קאפ-שארבען; די ביינער פון דעם קאפ-שארבען; דער קאפ-שארבען.

pericysti'tis *n.* (פער-אי-סיס-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג ארום דעם פענכער.

periden'tal *a.* (פער-אי-דענ'-טעל) וואס רינגעלט ארום די צייהנער.

per'iderm *n.* (פער'-אי-דוירם) די אויסערע הארטע הויט אדער בעדעקונג פון וואסער-חיות; די אויסערע קארע אדער קארק מיט וועלכער דער שטאם פון געוויסע פלאנצען ווערט בעוואקסען אין א בעשטימטען עלטער.

per'idot *n.* (פער'-אי-דאט) דער קריזאליט [אזא אליוו-גרינער מינעראל, וועלכער ווערט בענוצט אלס עדעלשטיין].

per'idrome *n.* (פער'-אי-דראום) דער גאנג צווישען די זיילען און ווענד אין די אלטע טעמפלען.

periege'sis *n.* (פער-אי-אי-דזשי'-סיס) א רונד=רייזע, א דורכרייזע.

perier'gia *n.* (פער-אי-אויר'-דזשי-א) ז. *periergy*.

per'iergy *n.* (פער'-אי-אויר-דזשי) אן איבערטריבענע גענויאיגקייט אדער פינקטליכקייט, בעזונדערס אין דעם סטיל פון א רעדע; א געקינסטעלטער באמבאסטישער סטיל.

perigas'tric *a.* (פער-אי-געס'-טריק) וואס איז ארום דעם דארם אדער שפייז=קאנאל.

perigastri'tis *n.* (פער-אי-געס-טראי'-טיס) ענטצינדונג פון דער בויך=פעל [די הויט, וואס בעדעקט דעם חלל פון דעם בויך].

per'igee *n.* (פער'-אי-דזשיע) דער נעהנטסטער פונקט פון דעם ארביט [קרייז=וועג] פון דער לבנה צו דער ערד.

periglot'tis *n.* (פער-אי-גלאט'-איס) די אויבערשטע הויט פון צונג.

per'igon *n.* (פער'-אי-גאן) א פעריגאן, א קוואנטיטעט פון 4 רעכטע ווינקלען וואס מאכט אויס 360 גראד.

per'igone *n.* (פער'-אי-גאון) ז. *perianth*.

per'igraph *n.* (פער'-אי-גרעף) אן אונגענויע אדער אונאקוראטע בעצייכנונג.

perigyn'ium *n.* (פער-אי-דזשינ'-אי-אם) דער שלויך אדער די הילע פון דעם פיסטיל [ווייבליכער ארגאן] פון די ריעדגראז=פלאנצען.

perihe'lion *n.* (פער-אי-הי'-לי-אן) דער נעהנטסטער פונקט פון דעם ארביט [קרייז=וועג] פון א פלאנעט אדער קאמעט צו דער זון.

perihe'lium *n.* (פער-אי-הי'-לי-אם) ז. *perihelion*.

per'il *n. and v.* (פער'-איל) א געפאהר; בריינגען אדער שטעלען אין געפאהר; ריזיקירען; זיין אין געפאהר.

per'ilous *a.* (פער'-איל-אס) געפעהרליך; ריזיקאליש.

per'ilously *adv.* (פער'-איל-אס-לי) אויף א געפעהרליכען אדער ריזיקאלישען אופן; געפעהרליך; מיט געפאהר.

per'ilousness *n.* (פער'-איל-אס-נעס) געפעהרליכקייט.

perim'eter *n.* (פי-רים'-ע-טער) דער פערימעטער, דער אומפאנג; די אומפאנגס=מאס פון א פיגור; אן אינסטרומענט צו מעסטען די זעהונגס=קראפט פון די פערשיעדענע טיילען פון דער נעץ=הויט פון אויג.

perime'tral *a.* (פער-אי-מי'-טרעל) וואס געפינט זיך אדער קומט פאר ביי אדער ארום דער געבעהר=מוטער.

perimet'ric *a.* (פער-אי-מעט'-ריק) פערימעטריש, וואס איז שייך צום אומפאנג פון א פיגור; וואס געפינט זיך אין דעם אומפאנג; וואס געפינט זיך אדער קומט פאר ביי אדער ארום דער געבעהר=מוטער.

perimet'rical *a.* (פער-אי-מעט'-רי-קעל) ז. *perimetric*.

perimetri'tis *n.* (פער-אי-מי-טראי'-טיס) ענטצינדונג ארום דער געבעהר=מוטער.

perinæ'al *a.* (פער-אי-ניע'-על) ז. *perineal*.

perinæ'um *n.* (פער-אי-ניע'-אם) ז. *perineum*.

perine'al *a.* (פער-אי-ניע'-על) וואס איז שייך צו דעם מיטעל=פלייש אדער דאם פון קערפער. ז. *perineum*.

perineph'ral *a.* (פער-אי-נעפ'-רעל) וואס געפינט זיך ארום די ניערען.

perineph'rial *a.* (פער-אי-נעפ'-רי-על) וואס רינגעלט ארום די ניערען.

perinephri'tis *n.* (פער-אי-נעפ-ראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דעם געוועב וואס איז ארום די ניערען.

perineph'rium *n.* (פער-אי-נעפ'-רי-אם) דאס געוועב וואס רינגעלט ארום די ניערען.

perine'um *n.* (פער-אי-ניע'-אם) דאס מיטעל=פלייש אדער דאם, דער טייל פון קערפער וואס איז צווישען די פאלקעס [שענקעל] פון דער עפנונג פון הינטער=לייב [פי טבעת] ביז צו דעם אנפאנג פון געשלעכטס=ארגאן.

perioc'ular *a.* (פער-אי-אק'-יו-לאר) וואס רינגעלט ארום דעם אויגען=אפעל.

pe'riod *n.* (פי'-רי-אד) א פעריאדע; א צייט=אבשניט; א תקופה; אן עפאכע; א פאלשטענדיגער גאנצער זאץ; א פונקט; אן אבשטעל=פונקט, א פונקט וואס צייגט אן דעם סוף פון א זאץ; אין מאטעמאטיק — א ציפער=גרופע וועלכע איז אבגעטיילט מיט א פונקט אדער קאמא; דער אינטערוואל צווישען די גלייכע זיך ווידערהאלענדע ווערטהען פון א פערענדערליכער גרעסע, וועלכע העננט אב פון אן אנדער גרעסע [ווען x צ. ב. איז גלייך דעם טאנגענס פון y, דאן ווען דער ווערטה פון y ווערט בעשטענדיג געענדערט וועלען צוזאמען אויך זיך ווידערהאלט ענדערען די ווערטהען פון x לויט בעשטימטע אינטערוואלען אדער פעריאדען]; א ספעציעלע פאזע אין דעם פערלויף פון א קראנקהייט; א פאלשטענדיגער מוזיקאלישער זאץ.

period'ic *a.* (פי-רי-אד'-איק) פעריאדיש; קרייז=לויפענד; וואס ערשיינט אדער קומט פאר רעגעלמעסיג [צו א בעשטימטער צייט]; וואס איז שייך צו א פאלשטענדיגען גאנצען זאץ.

period'ical *a. and n.* (פי-רי-אד'-אי-קעל) פעריאדיש; וואס ערשיינט אדער קומט פאר רעגעלמעסיג [צו א בעשטימטער צייט]; וואס איז שייך צו א צייטשריפט [וועלכע ערשיינט רעגעלמעסיג צו א בעשטימטער צייט]; א צייטשריפט [וועלכע ערשיינט רעגעלמעסיג צו א בעשטימטער צייט].

period'icalist *n.* (פי-רי-אד'-אי-קעל-איסט) א זשורנאליסט, א שרייבער אין א צייטשריפט; אן ארויסגעבער פון א צייטשריפט.

period'ically *adv.* (פי-רי-אד'-אי-קעל-אי) פעריאדיש, פארקומענדיג אדער ערשיינענדיג רעגעלמעסיג [צו א בעשטימטער צייט].

period'ic curve (פי-רי-אד'-איק קוירוו) א מאטעמאטישע קרומע ליניע וואס די פארם פון איהרע טיילען ווידערהאלען זיך.

period'ic dec'imal (פי-רי-אד'-איק דעס'-אי-מעל) א פעריאדישע ברוך=צאהל [א דעצימאל ברוך=צאהל וואס בעשטעהט פון גרופען צאהלען, וועלכע חזר'ען זיך כסדר איבער, ווי צ. ב., ...354, 354, 354.].

periodic'ity *n.* (פי-רי-א-דיס'-אי-טי) דאס זיין פעריאדיש; די פעריאדישע, רעגעלמעסיגע ערשיינונג אדער ווידערקעהר.

period'ic law (פי-רי-אד'-איק לאה) דאס פעריאדישע געזעץ אין כעמיע [דאס געזעץ וועגען דער בעציהונג פון כעמישע עלעמענטען, וואס ווערט אויסגעדריקט דורך דעם זאץ, דאס די אייגענשאפטען פון די עלעמענטען זיינען פעריאדישע פונקציאנען פון זייער אטאמישען געוויכט. ווען די כעמישע עלעמענטען ווערען אויסגעשטעלט אין דער ארדנונג לויט זייער אטאמישען געוויכט, דאן בעמערקט מען א רעגעלמעסיגע ווידערהאלונג פון סעריעס עלעמענטען, וועלכע האבען עהנליכע פיזיקאלישע און כעמישע אייגענשאפטען, דאס הייסט, אז די אייגענשאפטען פון די כעמישע עלעמענטען, אבהענגיג פון זייער אטאמישען געוויכט, ווידערהאלען זיך פעריאדיש. דורך דער אויסשטעלונג פון די כעמישע עלעמענטען אין דיזער ארדנונג, קען מען אלזא אויסגעפינען, אויב עס פעהלען נאך וועלכע עס איז כעמישע עלעמענטען, וועלכע זיינען נאך ניט ענטדעקט געווארען].

period'ic stars (פי-רי-אד'-איק סטארז) שטערען ביי וועלכע עס קומט פאר א רעגעלמעסיגע ענדערונג אין זייער העלקייט און ליכטיגקייט צו בעשטימטע צייטען.

periodonti'tis *n.* (פער-אי-או-דאנ-טאי'-טיס) די ענטצינדונג פון דער ביין=הויט אין די גריבעלעך וואו עס זיצען די צייהנער.

Periœ'ci *n.* (פער-אי-איע'-סאי) די פעריעקען, די בירגער פון אלטען לאקאניען [גריכענלאנד], צו וועלכע עס איז געגעבען געווארען פון זייערע בעזיעגער דאס רעכט אויף האנדעל און געשעפט אין ספארטא, אבער זיי זיינען געווען אויסגעשלאסען פון דער שטאאטס=פערוואלטונג.

periœ'ci *n.* (פער-אי-איע'-סאי) די איינוואהנער פון דעמזעלבען בּרייט=גראד [פאראלעל] פון דער ערד, נאר אויף אן ענטגעגענגעזעצטען לענגען=גראד [מערידיאן] אזוי, דאס, ווען אין איין פלאץ איז מיטאג=צייט איז אין דעם אנדערען האלבע נאכט.

periop'tic *a.* (פער-אי-אפ'-טיק) וואס רינגעלט ארום דעם ארביט פון אויג.

perio'ral *a.* (פער-אי-או'-רעל) וואס איז ארום דעם מויל.

perior'bital *a.* (פער-אי-אהר'-בי-טעל) וואס איז שייך צו דעם ארביט פון אויג.

perios'teal *a.* (פער-אי-אס'-טי-על) וואס בעדעקט א ביין.

perios'teous *a.* (פער-אי-אס'-טי-אס) ז. *periosteal*.

perios'teum *n.* (פער-אי-אס'-טי-אם) קנאכען=הויט, ביין=הויט [דאס דינע הייטעל וואס בעדעקט די ביינער פון קערפער].

periostit'ic *a.* (פער-אי-אס-טיט'-איק) וואס ליידט פון ביין=הויט ענטצינדונג.

periosti'tis *n.* (פער-אי-אס-טאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער ביין=הויט.

perio'tic *a.* (פער-אי-או'-טיק) וואס רינגעלט ארום דעם אינערליכען טייל פון אויער.

peripatet'ic *a. and n.* (פער-אי-פע-טעט'-איק) ארומגעהענד, ארומרייזענד; אן ארומגעהער, אן ארומרייזער.

Peripatet'ic *n. and a.* (פער-אי-פע-טעט'-איק) א נאכפאלגער פון דעם גריכישען פילאזאף אריסטאטעל; וואס איז שייך צו דער פילאזאפיע פון אריסטאטעל אדער צו זיינע נאכפאלגער.

peripatet'ical *a.* (פער-אי-פע-טעט'-אי-קעל) ארומגעהענד, ארומרייזענד.

peripatet'ic school (פער-אי-פע-טעט'-

איק סקיהל) די פילאזאפישע שוהלע פון דעם אלט-גריכישען פילאזאף אריסטאטעל.

periph'erad *adv.* (פע-ריפ'-ע-רעד) צו דער פעריפעריע, צום אומקרייז=צו, צו דער אויבערפלעכע, אוועק פון צענטער.

periph'eral *a.* (פע-ריפ'-ע-רעל) וואס געפינט זיך אין דער פעריפעריע [אומקרייז אדער אומפאנג]; וואס איז שייך צו דער פעריפעריע; אין אנאטאמיע — וואס איז דערווייטערט פון צענטער [וועגען גליעדער].

periph'erally *adv.* (פע-ריפ'-ע-רעל-אי) אויף אדער פון דער פעריפעריע; אין בעצוג צו דער פעריפעריע [אומקרייז, אומפאנג].

peripher'ic *a.* (פער-אי-פער'-איק) ז. *peripheral*.

peripher'ical *a.* (פער-אי-פער'-אי-קעל) ז. *peripheral*.

periph'ery *n.* (פע-ריפ'-ע-רי) די פעריפעריע, דער אומקרייז, דער אומפאנג פון א קרייז; די אויבערפלעכע אדער דער אומפאנג פון א קערפער.

per'iphrase *n. and v.* (פער'-אי-פרייז) א פעריפראזע, אן ערקלערונג אדער אויסדרוק אין מעהר ווערטער ווי נויטיג, דאס געברויכען צופיעל ווערטער אין ארומריידען אן עניין וועלכען מען קען אויסדריקען קירצער און שארפער; ריידען איבער אן עניין ניט גלייך צום פונקט נאר אין ארומיגע וועגען; געברויכען צופיעל ווערטער אין אן ערקלערונג.

periph'rasis *n.* (פע-ריפ'-ריי-סיס) א פעריפראזע, אן ערקלערונג אדער אויסדרוק אין מעהר ונערטער ווי נויטיג; אן ארומריידונג פון אן עניין אין פיעל ווערטער, ווען מען קען דאסזעלבע אויסדריקען קירצער און שארפער.

periphras'tic *a.* (פער-אי-פרעס'-טיק) וואס האט דעם כאראקטער פון א פעריפראזע, וואס איז אויסגעדריקט אין מעהר ווערטער ווי נויטיג.

periphras'tical *a.* (פער-אי-פרעס'-טי-קעל) ז. *periphrastic*.

periphras'tically *adv.* (פער-אי-פרעס'-טי-קעל-אי) אויף דעם אופן פון א פעריפראזע. ז. *periphrase*.

per'iplus *n.* (פער'-אי-פלאס) אן ארומשיפונג אויף'ן ים; אן ארומרייזע.

peripneumo'nia *n.* (פער-אי-ניו-מאו'-ני-א) לונגען=ענטצינדונג.

peripneumon'ic *a.* (פער-אי-ניו-מאנ'-איק) וואס איז שייך צו לונגען=ענטצינדונג.

peripneu'mony *n.* (פער-אי-ניו'-מא-ני) ז. *peripneumonia*.

peripolyg'onal *a.* (פער-אי-פא-ליג'-א-נעל) וואס האט פיעלע זייטען און ווינקלען.

perip'teral *a.* (פע-ריפ'-טע-רעל) ארומגערינגעלט מיט זיילען [וועגען א טעמפעל אדער געביידע].

perip'teros *n.* (פע-ריפ'-טע-ראס) א טעמפעל אדער געביידע וואס איז ארומגערינגעלט מיט א רייה זיילען.

perip'terous *a.* (פע-ריפ'-טע-ראס) מיט פעדערען פון אלע זייטען; וואס איז ארומגערינגעלט מיט א רייה זיילען [וועגען א געביידע]; אין באטאניק — ארומגערינגעלט מיט א דינעם ראנד.

perip'tery *n.* (פע-ריפ'-טע-רי) ז. *peripteros*.

per'isarc *n.* (פער'-אי-סארק) די הארטע הארן=הויט וואס בעדעקט די ווייכע טיילען פון ים=חיות.

Peris'cian *n. and a.* (פע-ריש'-אי-ען) אן איינוואהנער פון די פאלאר=קרייזען; וואס איז שייך צו די איינוואהנער פון די פאלאר=קרייזען. ז. *Periscii*.

Peris'cii *n.* (פע-ריש'-אי-אי) די איינוואהנער פון די פאלאר=קרייזען [ווערען אזוי גערופען, ווייל אין דער צייט פון דעם דארטיגען זומער בעוועגט זיך זייער שאטען ארום זיי אין א קרייז].

per'iscope *n.* (פער'-אי-סקאופ) א פעריסקאפ [אזא אפטישער אינסטרומענט אויף אונטערוואסער=שיפלעך דורך וועלכען מען קען זעהן וואס עס קומט פאר איבער'ן וואסער, ווען דאס שיפעל איז אונטער'ן וואסער].

periscop'ic *a.* (פער-אי-סקאפ'-איק) וואס איז צום קוקען פון אלע זייטען; וואס איז קאנקאוו=קאנוועקס [וועגען ברילען].

periscop'ical *a.* (פער-אי-סקאפ'-אי-קעל) ז. *periscopic*.

per'ish *v.* (פער'-איש) אומקומען, פערגעהן, פערדארבען אדער פערניכטעט ווערען; ניט ווערען, שטארבען.

perishabil'ity *n.* (פער-איש-ע-ביל'-אי-טי) ז. *perishableness*.

per'ishable *a.* (פער'-איש-עבל) פערגענגליך, שטערבליך; וואס קען פערדארבען אדער פערניכטעט ווערען.

per'ishableness *n.* (פער'-איש-עבל-נעס) פערגענגליכקייט; שטערבליכקייט; צושטערבארקייט, פערניכטבארקייט.

per'ishably *adv.* (פער'-איש-ע-בלי) קענענדיג פערדארבען אדער פערניכטעט ווערען; פערגענגליך, שטערבליך.

per'isperm *n.* (פער'-אי-ספוירם) אין באטאניק — דאס זאמען=איי=ווייס [דאס איי=ווייס אדער דער נאהרונגס=שטאף וואס געפינט זיך אין א זאמען אדער קערנדעל]; דאס געוועב אדער הייטעל וואס רינגעלט ארום דאס קיים=זעקעלע פון א זאמען אדער קערנדעל וואס ענטהאלט אייווייס.

perisper'mic *a.* (פער-אי-ספויר'-מיק) וואס האט זאמען=איי=ווייס. ז. *perisperm*.

perispher'ic *a.* (פער-אי-ספער'-איק) באל=פערמיג, קוגעל=פערמיג [רונד].

perispher'ical *a.* (פער-אי-ספער'-אי-קעל) ז. *perispheric*.

per'ispore *n.* (פער'-אי-ספאור) אין באטאניק — דאס אויסערע הייטעל פון א קיים=קערן. ז. *spore*.

perissolog'ical *a.* (פע-רים-א-לאדזש'-אי-קעל) וואס שיט מיט ווערטער, וואס געברויכט צופיעל ווערטער [אין ריידען אדער שרייבען].

perissol'ogy *n.* (פער-אי-סאל'-א-דזשי) אן אויסגוס פון ווערטער, אן אונניציגער געברויך פון ווערטער.

perissosyllab'ic *a.* (פע-רים-א-סי-לעב'-איק) וואס האט איבריגע זילבען.

peristal'sis *n.* (פער-אי-סטעל'-סים) די אייגענטימליכע מוסקול=בעוועגונג פון די חלל'דיגע ארגאנען פון קערפער, ווי פון די קישקעס [דורך דיעזער מוסקול=בעוועגונג ווערט די פערדייהטע שפייז ארויסגעשטויסען פון די געדערים].

peristal'tic *a.* (פער-אי-סטעל'-טיק) פעריסטאלטיש, וואס ציהט זיך צונויף אין קרייזען אדער אין רינגען [ווי די קישקעס ארויסשטויסענדיג די פערדייהטע שפייז]; אין עלעקטריציטעט — וואס בעצייכענט די עלעקטראסטאטישע אינדוקציאן, וועלכע עקזיסטירט צווישען צוויי אדער מעהרערע עלעקטריש לייטענדע דראטען, וועלכע געפינען זיך אין איין איזאלירענדען ראהר [ווי אין א קאבעל].

peristal'tically *adv.* (פער-אי-סטעל'-טי-קעל-אי) אויף א פעריסטאלטישען אופן. ז. *peristaltic*.

per'istyle *n.* (פער'-אי-סטאיל) א זיילען=גאלעריע, א זיילען=גאנג [אין א געביידע].

perisys'tole *n.* (פער-אי-סים'-טא-לי) דער שטילשטאנד פון הארצען צווישען זיין צונויפציהען און פאנאנדערציהען זיך.

peritonæ'al *a.* (פער-אי-טא-ניע'-על) ז. *peritoneal*.

peritonæ'um *n.* (פער-אי-טא-ניע'-אם) ז. *peritoneum*.

peritone'al *a.* (פער-אי-טא-ניע'-על) וואס איז שייך צו דער בויך=פעל [די הויט וואס בעדעקט דעם חלל פון בויך].

peritone'um *n.* (פער-אי-טא-ניע'-אם) די בויך=פעל [די הויט וואס בעדעקט דעם חלל פון בויך].

peritonit'ic *a.* (פער-אי-טא-ניט'-איק) וואס איז שייך צו בויך=פעל=ענטצינדונג.

peritoni'tis *n.* (פער-אי-טא-נאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דער בויך=פעל.

perit'ropal *a.* (פער-איט'-רא-פעל) זיך דרעהענד, קרייזענד.

per'iwig *n. and v.* (פער'-אי-הוויג) א פארוק; אנטהאן א פארוק; בעדעקען דעם קאפ; אנטהאן א קאפ=צודעק.

per'iwig-pa'ted *a.* (פער'-אי-הוויג-פיי'-טעד) וואס טראגט א פארוק.

per'iwinkle *n.* (פער'-אי-הווינקל) דאס ווינטער=גרין [אזא גארטען=פלאנצע מיט בעשטענדיג גרינע בלעטער און בלויע בלומען]; אזא ים=שנעקע.

per'jure *v.* (פויר'-דזשור) שווערען פאלש; זאגען פאלשע עדות; מאכען שולדיג אין פאלש שווערען.

per'jured *a.* (פויר'-דזשורד) שולדיג אין פאלש שווערען; וואס האט געשווארען פאלש.

per'juredly *adv.* (פויר'-דזשורד-לי) דורך א פאלשער שבועה, דורך פאלש שווערען.

per'jurer *n.* (פויר'-דזשו-רער) איינער וואס שווערט פאלש.

per'jury *n.* (פויר'-דזשו-רי) דאס פאלש שווערען.

perk *v. and a.* (פוירק) זיך פוצען; אויספוצען; געשייט בעוועגען מיט'ן קאפ; זיך האלטען פראנטעוואטע אדער געשייט; שארף אנקוקען, דורכדרינגען מיט די אויגען; אויסגעפוצט, פראנטעוואטע; גדלות'דיג.

per'kin *n.* (פויר'-קין) אזא זארט שוואכער בארנעס=קוואס.

per'king *a.* (פויר'-קינג) דורכדרינגענד [מיט די אויגען].

He has little restless, **perking** eyes.

per'ky *a.* (פויר'-קי) פערשייט; פראנטעוואטע; גדלות'דיג.

perla'ceous *a.* (פויר-ליי'-שיאס) פערלארטיג, ווי פערל.

per'lite *n.* (פויר'-לאיט) דער פערל=שטיין [אן אייגענטימליכע פארם פון געוויסע גלאז=ארטיגע פעלזען, וועלכע זיינען צונויפגעשטעלט פון פערל=עהנליכע קייקעלעך].

perlustra'tion *n.* (פויר-לאס-טריי'-שאן) דאס דורכמוסטערען, די דורכפארשונג, דאס דורכזעהן.

per'manence *n.* (פויר'-מע-נענס) פערמאנענץ, דויערהאפטיגקייט, בעשטענדיגקייט.

per'manency *n.* (פויר'-מע-נענ-סי) ז. *permanence*.

per'manent *a.* (פויר'-מע-נענט) פערמאנענט, דויערהאפט, פערבלייבענד, אנהאלטענד, בעשטענדיג.

per'manently *adv.* (פויר'-מע-נענט-לי) אויף א פערמאנענטען אופן; פאר בעשטענדיג, פאר א לאנג דויערענדער צייט.

permeabil'ity *n.* (פויר-מי-ע-ביל'-אי-טי) דורכדרינגליכקייט, דורכדרינגבארקייט, דורכלעסיגקייט, דאס האבען די אייגענשאפט דורכצולאזען.

per'meable *a.* (פויר'-מי-עבל) דורכדרינגליך, דורכדרינגבאר, דורכלעסיג, וואס האט די אייגענשאפט דורכצולאזען.

per'meably *adv.* (פויר'-מי-ע-בלי) אויף א דורכדרינגליכען אופן; דורכלעסיג, דורכדרינגבאר.

per'meant *a.* (פויר'-מי-ענט) וואס געהט דורך, וואס דרינגט דורך.

per'meate *v.* (פויר'-מי-אייט) דורכדרינגען; דורכגעהן.

permea'tion *n.* (פויר-מי-איי'-שאן) דאס דורכדרינגען; דאס זיין דורכגעדרונגען.

per'meative *a.* (פויר'-מי-איי-טיוו) וואס דרינגט דורך.

permil'lage *n.* (פער-מיל'-עדזש) דאס פערהעלטניס פון טויזענד, די צאהל פון טויזענד טיילען.

permis'cible *a.* (פער-מיס'-איבל) וואס קען געמישט ווערען.

permissibil'ity *n.* (פער-מיס-אי-ביל'-אי-טי) צולעסיגקייט, דאס קענען ערלויבט ווערען.

permis'sible *a.* (פער-מיס'-איבל) וואס קען ערלויבט ווערען, צולעסיג, וואס מען קען צולאזען.

permis'sibly *adv.* (פער-מיס'-אי-בלי) אויף א צולעסיגען אופן; קענענדיג ערלויבט ווערען.

permis'sion *n.* (פער-מיש'-אן) אן ערלויבניס; אן ערלויבניס-פאפיער.

permis'sive *a.* (פער-מיס'-איוו) וואס קען ערלויבט ווערען, צולעסיג; ערלויבט.

permis'sively *adv.* (פער-מיס'-איוו-לי) מיט ערלויבניס.

permis'sory *a.* (פער-מיס'-א-רי) ערלויבענדיג, וואס איז שייך צו אן ערלויבניס; בעגרינדעט אויף אן ערלויבניס; ערלויבט.

permit' *n. and v.* (פער-מיט') 1. אן ערלויבניס, אן ערלויבניס-פאפיער; 2. ערלויבען.

1. This is a **permit** to parade in the street.
2. **Permit** me to answer your question.

permit'tance *n.* (פער-מיט'-ענס) עלעקטסטאטישע קאפאציטעט [די מאס סטאטישע עלעקטריציטעט וואס א קערפער קען ענטהאלטען]; אן ערלויבניס.

permittee' *n.* (פער-מי-טיע') דער, וועמען אן ערלויבניס אדער ערלויבניס-פאפיער איז געגעבען.

permit'ter *n.* (פער-מיט'-ער) דער וואס גיט אן ערלויבניס.

permittiv'ity *n.* (פער-מי-טיוו'-אי-טי) די ספעציפישע אינדוקציאנס-קאפאציטעט [די מאס סטאטישע עלעקטריציטעט וואס א שטאף קען אויפנעהמען אין פערגלייך מיט דער לופט].

permix'tion *n.* (פער-מיקס'-טשאן) א געמיש.

permutabil'ity *n.* (פער-מיו-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פערביטען, פערטוישט אדער פערוועקסעלט ווערען.

permu'table *a.* (פער-מיו'-טעבל) וואס קען פערביטען אדער פערטוישט ווערען.

permu'tableness *n.* (פער-מיו'-טעבל-נעס) ז. *permutability*.

permu'tably *adv.* (פער-מיו'-טע-בלי) דורך פערבייטען אדער פערטוישען; צו פערוועקסלען.

permuta'tion *n.* (פער-מיו-טיי'-שאן) פערבייטונג, אומבייטונג, ענדערונג, פערטוישונג; איבערשטעלונג.

permute' *v.* (פער-מיוט') פערבייטען, אומבייטען, ענדערען, פערטוישען; איבערשטעלען.

pern *n.* (פוירן) א בוסארד, א מויז-פאלק [אזא רויב-פויגעל].

per'nancy *n.* (פויר'-נענ-סי) דאס איינ-נעהמען הכנסות מיט נאטור-פראדוקטען.

perni'cious *a.* (פער-ניש'-אס) זעהר שעדליך, פערדערבליך; טויטליך.

perni'ciously *adv.* (פער-ניש'-אס-לי) אויף א זעהר שעדליכען אדער פערדערבליכען אופן; טויטליך.

perni'ciousness *n.* (פער-ניש'-אס-נעס) שעדליכקייט, פערדערבליכקייט.

pernick'etiness *n.* (פער-ניק'-ע-טי-נעס) איבערטריבענע פינקטליכקייט אין קליינינקייטען; דאס פאדערען גענויאיגקייט און פינקטליכקייט; דאס זיין געמאכט מיט איבערטריבענער פינקטליכקייט און קליינליכער גענויאיגקייט.

pernick'ety *a.* (פער-ניק'-ע-טי) איבערטריבען פינקטליך אין קליינינקייטען; וואס פאדערט איבערטריבענע פינקטליכקייט און קליינליכע גענויאיגקייט; געמאכט מיט איבערטריבענער אדער קליינליכער פינקטליכקייט.

pernocta'tion *n.* (פויר-נאק-טיי'-שאן) דאס דורכוואכען די נאכט.

per'nor *n.* (פויר'-נאר) איינער וואס נעהמט איין הכנסות פון לאנד.

per'one *n.* (פער'-א-ני) דער וואדען-ביין [דער דינער ביין וועלכער געהט צוזאמען מיט דעם שינביין פון דער קניע ביז'ן קנעכעל און האט די עהנליכקייט צו דער נאדעל פון א בראשקע].

perone'al *a.* (פער-א-ני'-על) וואס איז שייך צום וואדען-ביין. ז. *perone*.

perone'us *n.* (פער-א-ני'-אס) אין אנאטאמיע — איינער פון די מוסקולען פון וואדען-ביין. ז. *perone*.

per'orate *v.* (פער'-א-רייט) פערענדיגען א רעדע מיט קלינגענדיגע פראזען און מליצות; האלטען א רעדע [הויפטזעכליך א מליצה'דיגע אדער מיט קלינגענדע פראזען].

perora'tion *n.* (פער-א-ריי'-שאן) דער שלוס פון א רעדע [וואו דער רעדנער חזר'ט איבער און שטרייכט אונטער דעם הויפט-פונקט פון עניין, איבער וועלכען ער האט גערעדט].

perox'id *n.* (פויר-אק'-סיד) דאס היפער-אקסיד אדער סופער-אקסיד [אן אקסיד אדער זויערשטאף-פערבינדונג, וואס ענטהאלט אין זיך מעהר זויערשטאף איידער אנדערע אקסידען פון דעמזעלבען מין].

perox'idate *v.* (פויר-אק'-סי-דייט) ז. *peroxidize*.

peroxida'tion *n.* (פויר-אק-סי-דיי'-שאן) דאס פעראקסידירען, דאס איבערזעטיגען מיט זויערשטאף.

perox'ide *n.* (פויר-אק'-סיד) ז. *peroxid*.

perox'idize *v.* (פויר-אק'-סי-דייז) פעראקסידירען, איבערזעטיגען מיט זויערשטאף.

perpend' *v.* (פויר-פענד') בעטראכטען עפעס.

per'pend *n.* (פויר'-פענד) ז. *perpender*.

perpen'der *n.* (פויר-פענ'-דער) דער שטרעק-שטיין פון א געביידע [א געביידע-שטיין וואס געהט דורך אדער שטרעקט זיך אויס פון ביידע זייטען וואנד].

perpendic'ular *a. and n.* (פויר-פען-דיק'-יו-לאר) פערפענדיקולאר, זענקרעכט; וואס שניידט דורך א ליניע אדער פלעכע אונטער א גראדען ווינקעל; א פערפענדיקולארע ליניע [א ליניע וואס שניידט דורך אן אנדערע אונטער א גראדען ווינקעל, ווי די ליניע *AB* איז פערפענדיקולאר צו דער ליניע *CD*].



Perpendicular

perpendicular'ity *n.* (פויר-פען-דיק-יו-לער'-אי-טי) דאס זיין פערפענדיקולאר: די זענקרעכטע ריכטונג.

perpendic'ularly *adv.* (פויר-פען-דיק'-יו-לאר-לי) אויף א פערפענדיקולארען אופן; אראבהענגענדיג גלייך און גראד.

Perpendic'ular style (פויר-פען-דיק'-יו-לאר סטאיל) אין ארכיטעקטור — דער פערפענדיקולארער סטיל [א געוויסע פארם פון גאטישען סטיל, וועלכער האט געהערשט אין ענגלאנד אין 15טען און אנהויב 16טען יאהרהונדערט]. ז. *Gothic style*.

Perpendicular Style

per'pend-stone *n.* (פויר'-פענד-סטאון) ז. *perpender*.

per'pent-stone *n.* (פויר'-פענט-סטאון) ז. *perpender*.

per'petrable *a.* (פויר'-פי-טרעבל) וואס קען בעגאנגען ווערען, וואס קען געטהאן ווערען [ווי א פערברעכען].

per'petrate *v.* (פויר'-פי-טרייט) בעגעהן, טהאן [א פערברעכען].

erpetra'tion *n.* (פויר-פי-טריי'-שאן) דאס בעגעהן, דאס טהאן [א פערברעכען].

er'petrator *n.* (פויר'-פי-טריי-טאר) איינער וואס בעגעהט אדער טהוט [א פערברעכען].

erpet'uable *a.* (פויר-פעטש'-יו-עבל) וואס קען דויערען אונענדליך.

erpet'ual *a.* (פויר-פעטש'-יו-על) וואס דויערט אייביג; אונאויפהערליך; בעשטענדיג.

erpet'ual cu'rate (פויר-פעטש'-יו-על קיו'-רעט) אמאל אין דער ענגלישער קירך — א גלח פון נידריגען ראנג אין א קירך, וואו עס איז ניט געווען קיין רעקטאר אדער וויקאר.

erpet'ually *adv.* (פויר-פעטש'-יו-על-אי) אויף אן אייביגען, אונאויפהערליכען שטייגער.

erpet'ual mo'tion (פויר-פעטש'-יו-על מאו'-שאן) אן אונאויפהערליכע בעוועגונג; אן אייביגע בעוועגונג פון זיך אליין.

erpet'ual screw (פויר-פעטש'-יו-על סקרוה) אן אונענדליכע שרויף.
ז. *endless screw*.

erpet'ualty *n.* (פויר-פעטש'-יו-על-טי) דאס זיין אייביג, אונאויפהערליכקייט.

erpet'uance *n.* (פויר-פעטש'-יו-ענס) די פעראייביגונג; דאס מאכען עס זאל אייביג דויערען.

erpet'uate *v. and a.* (פויר-פעטש'-יו-אייט) פעראייביגען; מאכען עס זאל דויערען אונאויפהערליך; פעראייביגט; וואס איז געמאכט עס זאל אייביג דויערען.

erpetua'tion *n.* (פויר-פעטש-יו-איי'-שאן) די פעראייביגונג; די פארטזעצונג; דאס מאכען עס זאל אייביג דויערען.

erpetua'tion of tes'timony (פויר פעטש-יו-איי'-שאן אוו טעס'-טי-מא-ני) אין יוריספרודענץ — דאס אויפנעהמען א צייגנים פון אן עדות, כאטש עס קומט איצט נים פאר קיין געריכטס-פראצעס, נאר טאמער וועט מען עס דארפען שפעטער און ער וועט זיין אבוועזענד.

erpet'uator *n.* (פויר-פעטש'-יו-איי-טאר) איינער וואס פעראייביגט אדער מאכט עפעס עס זאל שטענדיג דויערען.

erpetu'ity *n.* (פויר-פי-טיו'-אי-טי) די אייביגקייט; דער בעשטענדיגער דויער; עפעס וואס דויערט אייביג; אין פראצענטען-רעכנונג — די סומע פון יאהרען, אין וועלכער דער פראצענט אויף א געוויסען קאפיטאל וואקסט אויס ווי די גרויס פון קאפיטאל אליין.

erplex' *v.* (פויר-פלעקס') פערפלאנטערען; צוטומלען; ברייננען אין פערלעגענהייט; צומישען.

erplex'edly *adv.* (פויר-פלעק'-סעד-לי) פערוויקעלט; פערפלאנטערט, צומישט, צוטומעלט; פערווירט.

erplex'edness *n.* (פויר-פלעק'-סעד-נעס) די פערלעגענהייט; צוטומלונג, צומישטקייט; פערווירונג.

erplex'ing *a.* (פויר-פלעק'-סינג) פערוויקלענד; צוטומלענד, בעשטירצענד, פערווירענד.

erplex'ingly *adv.* (פויר-פלעק'-סינג-לי) אויף א פערווירטען אדער צומישטען אופן.

erplex'ity *n.* (פויר-פלעק'-סי-טי)
ז. *perplexedness*.

erpota'tion *n.* (פויר-פא-טיי'-שאן) דאס טרינקען פיעל, דאס שכור'ען; א הוליאנקע.

per'quisite *n.* (פויר'-קהווי-זיט) זייטיגע הכנסות, נעבען-איינקינפטע; אין יוריספרודענץ — דאס ערווארבענע, דאס וואס איינער ערווערבט דורך זיין איינענער ארבייט אדער פאר זיין אייגען געלד [אין אונטערשייד צו דעם פערמעגען וואס איינער בעקומט בירושה].

perquisi'tion *n.* (פויר-קהווי-זיש'-אן) די אונטערזוכונג, די נאכפארשונג.

perquis'itor *n.* (פויר-קהוויז'-אי-טאר) אין יוריספרודענץ — דער ערשטער קויפער, דער ערשטער אין א רייה פון דורות, וועלכער האט געקויפט א גוט וואס געהט איצט איבער בירושה פון דור צו דור; אן אונטערזוכער, א נאכפארשער.

per'rier *n.* (פער'-אי-ער) א מאשין, וועלכע מען פלעגט געברויכען אין מיטעלאלטער צו ווארפען גרויסע שטיינער.

per'ron *n.* (פער'-אן) אין ארכיטעקטור — א פעראן [ברייטע טרעפ מיט א לאנגען גאניק אדער פלאטפארמע, וואס פיהרט צום אריינגאנג אין א געביידע].

per'roquet *n.* (פער'-א-קעט)
ז. *parrakeet*.

perro'tatory *a.* (פויר-ראו'-טע-טא-רי) וואס געהט דורך א רייה אדער סעריע פון דעם ערשטען מיטגליעד ביז'ן לעצטען און דערנאך צוריק פון דעם לעצטען ביז'ן ערשטען.

perruquier' *n.* (פער-רו-קי-איי') א פארוקען-מאכער.

per'ry *n.* (פער'-אי) בארן-וויין [א געטראנק געמאכט פון בארנעס].

per sal'tum (פויר סעל'-טאם) שפרונגווייז, שפרינגענדיג; איבערשפרינגענדיג, מיט א שפרונג.

perscruta'tion *n.* (פויר-סקרו-טיי'-שאן) די דורכפארשונג; דאס אויספארשען א זאך מיט אלע פרטים.

perse *a. and n.* (פוירס) פון טיעפען טונקעל-בלויען קאליר; פון א טונקעל-גרויען אדער בלויליך-גרויען קאליר; א בלויער קאליר; א טונקעל-בלויער קאליר; אזא בלויליך-גרויער געוואנד; ציץ מיט מוסטערען [אוזארען].

per se (פויר סי) אן און פיר זיך.

per'secute *v.* (פויר'-סי-קיוט) פערפאלגען; קוועלען, פלאגען, פייניגען; אונטערדריקען; בעלעסטיגען, דאקוטשען.

persecu'tion *n.* (פויר-סי-קיו'-שאן) די פערפאלגונג, דאס פייניגען; אן אכזריות'דיגע אונטערדריקונג; דאס דאקוטשען, דאס ניט לאזען צו-רוה; א גזירה, א צייט פון א שטארקער רעליגיעזער פערפאלגונג.

persecu'tional *a.* (פויר-סי-קיו'-שאנ-על) וואס איז שייך צו פערפאלגונג אדער אונטערדריקונג; וואס איז שייך צו איינעמס קרענקליכער איינבילדונג, אז מען פערפאלגט איהם.

per'secutive *a.* (פויר'-סי-קיו-טיוו) פערפאלגענד, פייניגענד.

per'secutor *n.* (פויר'-סי-קיו-טאר) א פערפאלגער.

per'secutory *a.* (פויר'-סי-קיו-טא-רי)
ז. *persecutional*.

per'secutrix *n.* (פויר'-סי-קיו-טריקס) א פערפאלגערין; איינע וועלכע פייניגט אדער קוועלט.

Persepol'itan *a. and n.* (פויר-סע-פאל'-אי-טען) וואס איז שייך צו פערסעפאלים [די הויפט-שטאדט פון אלט-פערסיען, וועלכע אלכסנדר מוקדון האט איינגענומען און פערניכטעט]; אן איינוואהנער פון פערסעפאלים.

Per'seus *n.* (פויר'-סיוס) אין דער אלט-גריכישער מיטאלאגיע — פערסעאוס, צעאוס'עס זוהן, וועלכער האט געטויטעט די שרעקליכע מעדוזע [א פרויענצימער, וואס האט געהאט אויף'ן קאפ שלאנגען אנשטאט האר און אלץ אויף וואס זי פלעגט א קוק טהאן, פלעגט פערשטיינערט ווערען]; אין דער אלטער אסטראנאמיע — א געוויסע צוזאמענזעצונג פון שטערען.

Perseus

persever'ance *n.* (פויר-סי-וויר'-ענס) אויסדויער, אויסווארטונג; איינגעשפארטקייט אדער עקשנות אין אויסהאלטען אדער דורכפיהרען א געוויסע זאך.

persevere' *v.* (פויר-סי-וויר') אנהאלטען; האבען אויסדויער; זיין איינגעשפארט אדער פער'עקשן'ט אין דערגרייכען א זאך, ניט קוקענדיג אויף קיינע שטערונגען.

persever'ing *a.* (פויר-סי-וויר'-אינג) אנהאלטענד, מיט אויסדויער; זייענדיג איינגעשפארט אדער פער'עקשן'ט אין דערגרייכען א זאך.

persever'ingly *adv.* (פויר-סי-וויר'-אינג-לי) אויף אן אנהאלטענדען שטייגער; מיט אויסדויער; מיט איינגעשפארטקייט אדער עקשנות.

Per'sian *a. and n.* (פויר'-שען) וואס איז שייך צו פערזיען; פערזיש; א פערזיאנער; די פערזישע שפראך; א מין דינע זיידען-צייג; אין ארכיטעקטור — א מענליכע פיגור אין דעם אלט-פערזישען סטיל, וואס שפארט אונטער א באלקאן אנשטאט א זייל.

persia'na *n.* (פויר-סי-איי'-נא) א מין זיידען-שטאף מיט גרויסע קווייטען אדער בלומען.

Per'sic *a. and n.* (פויר'-סיק)
ז. *Persian*.

per'sicot *n.* (פויר'-סי-קאט) דער פערסיקא [א נאליווקע אדער אויפגעגאסענער שנאפס אויף פערסיקעס, אפריקאזען א. ד. ג.].

per'siflage *n.* (פער'-סי-פלאזש) שפאס, שפאט; דאס רעדען איראניש וועגען עפעס; א לייכטער געשפרעך אדער פלוידעריי.

persifleur' *n.* (פער-סי-פלויר') אן אבשפאטער, אן אבלאכער; איינער וואס רעדט מיט אן איראנישען טאן; איינער וואס פיהרט א לייכטען געשפרעך אדער פלוידערט.

persim'mon *n.* (פויר-סימ'-אן) א מין צפון-אמעריקאנישער בוים פון א הארטען שווארצליכען האלץ, מיט לאנגליכע בלעטער און קליינע ווייסע בלימעלעך, וואס זעהען אויס ווי גלעקלעך; די פלוימען-ענליכע פרוכט פון דיעזען בוים.

per'sio *n.* (פויר'-סי-או) ז. *cudbear*.

persist' *v.* (פויר-סיסט') הארטנעקיג בעשטעהן אויף עפעס.

Children who **persist** in disobeying their teachers deserve severe punishment.

persis'tence *n.* (פויר-סיס'-טענס) דאס בעשטעהן, דאס פעסטע בעשטעהן אויף עפעס; דאס אנהאלטען פון א געוויסען

עפעקט נאכדעם ווי זיין אורזאכע איז שוין ניטא [ווי דער עפעקט פון שיין וואס בלייבט אין אויג נאכדעם ווי דער שיינענדער געגענשטאנד איז פערשוואונדען].

persis'tency *n.* (פויר-סיס'-טענ-סי) ז. *persistence*

persis'tent *a.* (פויר-סיס'-טענט) פעסט בעשטעהענד; וואס בעשטעהט אויף עפעס מיט הארטנעקיגקייט; אויסדויערענד.
There is a **persistent** demand for legislation against the trusts.

persis'tently *adv.* (פויר-סיס'-טענט-לי) בעשטעהענדיג אדער אנהאלטענדיג מיט עקשנות.

persis'tingly *adv.* (פויר-סיס'-טינג-לי) אויף אן אנהאלטענדען, אויסדויערענדען שטייגער.

per'son *n.* (פויר'-סאן) א פערזאן, א מענש; אין גראמאטיק — די פערזאן [די פארם פון א צייטווארט, וועלכע בעצייכענט די פערזאן פון וועמען עס קומט די האנדלונג אדער טהעטיגקייט: פון דער פערזאן, וועלכע רעדט, אדער פון דער פערזאן, צו וועלכער מען רעדט, אדער פון דער פערזאן וועגען וועלכער מען רעדט]; מענשליכער קערפערליכער אויסזעהן אדער פארם.

per'sonable *a.* (פויר'-סאן-עבל) אנזעהנליך, מיט א שעהנעם אויסזעהן; אין יוריספרודענץ — רעכטספעהיג.

per'sonableness *n.* (פויר'-סאן-עבל-נעס) דאס האבען א שעהנעם אויסזעהן; דאס זיין אנזעהנליך; דאס זיין אן אסאבע.

per'sonage *n.* (פויר'-סאן-איידזש) א פערזאן, א פערזענליכקייט, א הויכע פערזאן; אן אסאבע; א פארגעשטעלטע פערזאן [אין טעאטער־שפיעל], א כאראקטער, א ראלע.

perso'na gra'ta (פויר-סאו'-נא גריי'-טא) אן אנגענעהמע פערזענליכקייט; א פערזאן, וועלכע מען נעהמט אויף מיט צופריעדענהייט.
An ambassador must be **persona grata** to the sovereign to whom he is accredited.

per'sonal *a. and n.* (פויר'-סאן-על) פערזענליך; וואס איז שייך צו א פערזאן אדער איינצעלנעם מענשען; אינדיווידועל, פריוואט; וואס איז שייך צו זיך אליין, צו דער אייגענער ערפאהרונג; זעלבסט; קערפערליך; אין גראמאטיק — וואס דריקט אויס די פערזאן [די ערשטע, צווייטע אדער דריטע]; אין יוריספרודענץ — א חפץ, א זאך וואס מען קען אריבערטראגען פון איין ארט צו א צווייטען; א קורצע בעמערקונג אדער ארטיקעל אין א צייטונג וועגען א פערזאן אדער פערזאנען.

per'sonal ac'tion (פויר'-סאן-על עק'-שאן) די פערזענליכע קלאגע [א קלאגע, וועלכע קען אנגעגעבען ווערען אין געריכט נור פון דער פערזאן וועלכע האט געליטען]; א קלאגע וועגען געלד און בעוועגליכען אייגענטום.

per'sonal as'sets (פויר'-סאן-על עס'-עטס) געלד און בעוועגליכעס אייגענטום וואס בלייבט פון א געשטארבענעם אדער באנקראטירטען צו דעקען זיינע חובות.

personalisa'tion *n.* (פויר-סאן-על-אי-זיי'-שאן) ז. *personalization*

per'sonalise *v.* (פויר'-סאן-על-איז) ז. *personalize*

per'sonalism *n.* (פויר'-סאן-על-איזם) דאס זיין פערזענליך.

per'sonalist *n.* (פויר'-סאן-על-איסט) אין א צייטונג — איינער וועלכער שרייבט אדער רעדאגירט פערזענליכע בעמערקונגען, אנעקדאטען א. ד. ג.

personal'ity *n.* (פויר-סאן-על'-אי-טי) די פערזענליכקייט, די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון א פערזאן; די שייכות פון עפעס נור צו א בעשרענקטער צאהל פון פערזאנען אדער קלאסען; דאס אנגרייפען אימעצען; א שטאך־ווארט.

personal'ity of laws (פויר-סאן-על'-אי-טי אוו לאהז) די אלע געזעצען וואס זיינען שייך דירעקט צו פערזאנען און ניט צו זאכען.

personaliza'tion *n.* (פויר-סאן-על-אי-זיי'-שאן) דאס פערזאנאליזירען אדער פערזאניפיצירען, דאס צוגעבען פערזענליכע אדער קערפערליכע אייגענשאפטען צו א זאך וואס איז אונקערפערליך.

per'sonalize *v.* (פויר'-סאן-על-איז) פערזאניפיצירען, מאכען פערזענליך, צוגעבען פערזענליכע אדער קערפערליכע אייגענשאפטען צו אן אונקערפערליכער זאך.

per'sonal-lib'erty laws (פויר'-סאן-על-ליב'-ער-טי לאהז) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען אין די צייטען פון שקלאפעריי — די געזעצען, וואס זיינען דורכגעפיהרט געווארען פון אייניגע נארד־שטאאטען ניט אויסצוליפערען דירעקט אן אנטלאפענעם נעגער־שקלאף, נאר געבען איהם א מעגליכקייט גע'משפט צו ווערען דורך געריכטס־געשווארענע.

per'sonally *adv.* (פויר'-סאן-על-אי) פערזענליך, זעלבסט, בכבודו ובעצמו; בנוגע צו א פערזאן.

per'sonal pro'noun (פויר'-סאן-על פראו'-נאון) אין גראמאטיק — דאס פערזענליכע פירווארט [ווי די ווערטער "איך", "דו", "מיר" א. ד. ג.].

per'sonal prop'erty (פויר'-סאן-על פראפ'-ער-טי) בעוועגליכעס אדער פערזענליכעס אייגענטום [מטלטלין].

per'sonal rights (פויר'-סאן-על ראיטס) די פערזענליכע רעכטע [ווי דאס רעכט צו לעבען, דאס רעכט אויף פרייהייט א. ד. ג.].

per'sonals *n.* (פויר'-סאן-עלז) חפצים, מטלטלין; צייטונגס־נאטיצען וועגען פערזאנען.

per'sonal secu'rity (פויר'-סאן-על סי-קיו'-רי-טי) זיכערהייט אדער ערבות וואס ווערט געגעבען אויף איינעמס אחריות און ניט אויף א משכון.

per'sonal ser'vice (פויר'-סאן-על סויר'-וויס) דאס איבערגעבען געריכטליכע דאקומענטען פערזענליך און ניט דורך א שליח אדער פאסט; דאס ארויפלעגען א פליכט אדער שטייער אויף א גוט לטובת אן אנדערען.

per'sonal tithe (פויר'-סאן-על טאיטה) מעשר אדער דאס צעהנטל פאר דער קירך פון פראפיט אדער פערדיענסט און ניט פון די תבואות פון דער ערד.

per'sonalty *n.* (פויר'-סאן-על-טי) מטלטלין; פערזענליכע גיטער.

perso'na non gra'ta (פויר-סאו'-נא נאן גריי'-טא) ניט קיין אנגענעהמע פערזאן; א פערזאן, וועלכע מען וויל ניט אויפנעהמען.

per'sonate *v. and a.* (פויר'-סאן-אייט) זיך פערשטעלען; נאכאהמען, זיך אויסגעבען פאר; פארשטעלען איינעמס פערזאן; שפיעלען א ראלע [אויף דער ביהנע]; אין באטאניק און זאאלאגיע — פערמאסקירט, פערדעקט, עהנליך צו א מאסקע.

per'sonated *a.* (פויר'-סאן-איי-טעד) פערשטעלט, פערמאסקירט; וואס ווייזט זיך ארויס אין אן אנדער געשטאלט.

persona'tion *n.* (פויר-סא-ניי'-שאן) דאס פערשטעלען זיך; דאס ארויסגעבען זיך פאר אן אנדער פערזאן.

per'sonator *n.* (פויר'-סאן-איי-טאר) איינער וואס פערשטעלט זיך; איינער וואס גיט זיך ארויס פאר אן אנדער פערזאן.

personifica'tion *n.* (פויר-סאן-אי-פי-קיי'-שאן) פערזאניפיקאציאן, די פערפערזענליכונג [דאס פארשטעלען אבסטראקטע אידעען אין דער געשטאלט פון פערזאנען]; די פערקערפערונג.

person'ificative *a.* (פויר-סאן'-אי-פי-קיי-טיוו) פערזאניפיצירענד, וואס האט א נייגונג צו פערזאניפיצירען אדער פארשטעלען אבסטראקטע אידעען אין דער געשטאלט פון פערזאנען.

person'ificator *n.* (פויר-סאן'-אי-פי-קיי-טאר) ז. *personifier*

person'ifier *n.* (פויר-סאן'-אי-פאי-ער) א פערזאניפיצירער, איינער וואס שטעלט פאר אבסטראקטע בעגריפען אלס לעבעדיגע פערזאנען.

person'ify *v.* (פויר-סאן'-אי-פאי) פערזאניפיצירען, פערפערזענליכען, פארשטעלען אבסטראקטע געדאנקען אין דער פארם פון פערזאנען.

personnel' *n.* (פער-סא-נעל') דער פערסאנאל, די צוגעהעריגע פערזאנען, אלע פערזאנען וואס זיינען בעשעפטיגט ביי א געוויסער זאך.
The high character of the **personnel** of this office is acknowledged.

per'sons of col'or (פויר'-סאנז אוו קאל'-אר) מענשען פון דער נעגרישער ראסע.

per'sons of sub'stance (פויר'-סאנז אוו סאב'-סטענס) וואהלהאבענדע לייטע, לייטע מיט פערמעגען.

perspec'tive *a. and n.* (פויר-ספעק'-טיוו) אפטיש, פערספעקטיוו, וואס איז שייך צום זעהן ריכטיג, וואס איז שייך צום זעהן פון ווייטען אדער אין דער פערספעקטיווע; וואס איז שייך צו דער קונסט פון צייכענען זאכען אין דער פערספעקטיווע; געצייכענט אין פערספעקטיווע; פראפארציאנעל, ריכטיג, פינקטליך; א פערספעקטיווע [א צייכנונג פון א קערפער פון דריי דימענזיאנען — ברייט, לענג און הויך — אזוי אז ער זאל ערשיינען פאר'ן אויג ווי אין דער ווירקליכקייט]; די קונסט צו צייכנען פערספעקטיוועס; אן אנזיכטס־פונקט; דאס אויסזעהן פון ווייטענס; א בלענד־בילד [א צייכנונג וואס נארט אב דאס אויג אזוי אז עס דוכט זיך אויס, אז זאכען ציהען זיך אין דער ווייטקייט, ווי למשל, אויף טעאטער־דעקאראציאנען]; ריכטיגקייט, פראפארציאנאליטעט; פראספעקט, אויסזיכט, ערווארטונג.

perspec'tive draw'ing (פויר-ספעק'-טיוו דראה'-אינג) א פערספעקטיוו־צייכנונג [א צייכנונג פון א קערפער וואס האט דריי דימענזיאנען — הויך, לענג און ברייט — אזוי, אז ער זאל ערשיינען פאר'ן אויג פונקט ווי מען וואלט איהם געזעהן אין דער ווירקליכקייט].

perspec'tive-in'strument *n.* (פויר-ספעק'-טיוו-אינ'-סטרו-מענט) א פערספעקטאגראף. ז. *perspectograph*

perspec'tiveless *a.* (פויר-ספעק'-טיוו-לעס) אהן אויסזיכטען, אהן ערווארטונגען.

perspec'tively *adv.* (פויר-ספעק׳-טיוו-לי) לויט די כללים פון פערספעקטיווע. ז. *perspective*

perspec'tive plan (פויר-ספעק׳-טיוו פלען) א פערספעקטיוו-פלאן. ז. *perspective*

perspec'tive plane (פויר-ספעק׳-טיוו פליין) די פלעכע אויף וועלכער א פערספעקטיווע ווערט געצייכענט. ז. *perspective*

perspec'tograph *n.* (פויר-ספעק׳-טא-גרעף) אן אינסטרומענט פאר פערספעקטיוו-צייכנונגען. ז. *perspective*

perspectog'raphy *n.* (פויר-ספעק-טאג׳-רע-פי) די טעאריע פון פערספעקטיווע; די קונסט צו מאכען פערספעקטיוו-צייכנונגען. ז. *perspective*

per'spicable *a.* (פויר׳-ספי-קעבל) מערקבאר, וואס מען קען זעהן אדער בעמערקען.

perspica'cious *a.* (פויר-ספי-קיי׳-שאס) שארפזיכטיג; שארף, שארפזיניג.

perspica'ciously *adv.* (פויר-ספי-קיי׳-שאס-לי) מיט שארפזיכטיגקייט; מיט שארפקייט, מיט שארפזין.

perspica'ciousness *n.* (פויר-ספי-קיי׳-שאס-נעס) שארפזיכטיגקייט; שארפקייט, שארפזיניגקייט.

perspicac'ity *n.* (פויר-ספי קעס׳-אי-טי) ז. *perspicaciousness*

perspicu'ity *n.* (פויר-ספי-קיו׳-אי-טי) דייטליכקייט, קלארקייט, פערשטענדליכקייט.

perspic'uous *a.* (פויר-ספיק׳-יו-אס) דייטליך, קלאר, פערשטענדליך.

perspic'uously *adv.* (פויר-ספיק׳-יו-אס-לי) אויף א דייטליכען, קלארען, פערשטענדליכען אופן.

perspic'uousness *n.* (פויר-ספיק׳-יו-אס-נעס) ז. *perspicuity*

perspirabil'ity *n.* (פויר-ספאיר-ע-ביל׳-אי-טי) דאס קענען אויסגעשוויצט ווערען אדער ארויסקומען אלס שוויים.

perspir'able *a.* (פויר-ספאיר׳-עבל) וואס קען ארויסקומען אלס שוויים.

perspira'tion *n.* (פויר-ספי-ריי׳-שאן) שוויצונג; שוויים.

perspir'ative *a.* (פויר-ספאיר׳-ע-טיוו) וואס ברייננט ארויס שוויים.

perspir'atory *a.* (פויר-ספאיר׳-ע-טא-רי) וואס איז שייך צום שוויצען; וואס קומט פון שוויצען; שוויים-טרייבענד, וואס פעראורזאכט שוויצונג.

perspir'atory duct (פויר-ספאיר׳-ע-רי דאקט) דער שוויים-קאנאל, די אויסהוילונג פון א שוויים-דריזע.

perspire' *v.* (פויר-ספאיר׳) שוויצען; ארויסקומען אלס שוויים.

persua'dable *a.* (פער-סהוויי׳-דעבל) וואס מען קען איבעררעדען, צורעדען אדער אין עפעס איבערצייגען.

persua'dableness *n.* (פער-סהוויי׳-דעבל-נעס) דאס קענען איבערגערעדט ווערען אדער אין עפעס איבערצייגט ווערען.

persua'dably *adv.* (פער-סהוויי׳-דע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען איבעררעדען, צורעדען אדער אין עפעס איבערצייגען.

persuade' *v.* (פער-סהווייד׳) צורעדען; איבעררעדען; איבערצייגען אין עפעס.

persua'dedness *n.* (פער-סהוויי׳-רעד-נעס) איבערצייגטקייט; איבערצייגונג.

persua'der *n.* (פער-סהוויי׳-דער) אן איבעררעדער, איינער וואס רעדט צו אדער איבערצייגט אין עפעס.

persuasibil'ity *n.* (פער-סהוויי-סי-ביל׳-אי-טי) די פעהיגקייט אדער מעגליכקייט איבערגערעדט צו ווערען אדער אין עפעס איבערצייגט צו ווערען.

persua'sible *a.* (פער-סהוויי׳-סיבל) וואס קען איבערגערעדט ווערען; וואס מען קען צוריידען אדער איבערצייגען אין עפעס.

persua'sibleness *n.* (פער-סהוויי׳-סיבל-נעס) ז. *persuasibility*

persua'sion *n.* (פער-סהוויי׳-זשאן) 1. איבעררריידונג; צוריידונג; איבערצייגונג; איבערצייגטקייט; אן אנטריב, א רייץ-מיטעל, א מיטעל צו בעוועגען צו א טהאט, אן אורזאכע; 2. דער גלויבען, אמונה; א סעקטע; 3. א מין, א סארט.
2. My acquaintances are all of the Jewish **persuasion.**

persua'sive *a. and n.* (פער-סהוויי׳-סיוו) איבעררריידענד; צוריידענד; איבערצייגענד; עטוואס וואס רעדט איבער, רעגט אן צו עפעס; עטוואס וואס איבערצייגט.
He is a very **persuasive** speaker.

persua'sively *adv.* (פער-סהוויי׳-סיוו-לי) אויף אן איבערצייגענדען אופן; איבעררריידענדיג; דורך צוריידען.

persua'siveness *n.* (פער-סהוויי׳-סיוו-נעס) איבערצייגונגס-קראפט, איבעררריידונגס-קראפט.

pert *a. and n.* (פוירט) מונטער, לעבעדיג, פלינק; דרייסט; פרעך, עזות׳דיג; א מונטערער אדער פרעכער מענש.

pertain' *v.* (פויר-טיין׳) געהערען; בעטרעפען, האבען א שייכות צו עפעס, זיך בעציהען אויף עפעס.

pertina'cious *a.* (פויר-טי-ניי׳-שאס) הארטנעקיג, איינגעשפארט, פער׳עקשנ׳ט.

pertina'ciously *adv.* (פויר-טי-ניי׳-שאס-לי) מיט הארטנעקיגקייט, מיט איינגעשפארטקייט, מיט עקשנות.

pertina'ciousness *n.* (פויר-טי-ניי׳-שאס נעס) הארטנעקיגקייט, איינגעשפארטקייט, עקשנות.

pertinac'ity *n.* (פויר-טי-נעס׳-אי-טי) ז. *pertinaciousness*

per'tinence *n.* (פויר׳-טי-נענס) אנגעמאסטענקייט, צוגעפאסטקייט; דאס זיין צום פונקט.

per'tinency *n.* (פויר׳-טי-נענ-סי) ז. *pertinence*

per'tinent *a.* (פויר׳-טי-נענט) פאסענד, אנגעמאסטען, צוגעפאכט, וואס איז צום פונקט.

per'tinently *adv.* (פויר׳-טי-נענט-לי) צוגעפאסט, צום פונקט.

per'tinentness *n.* (פויר׳-טי-נענט-נעס) ז. *pertinence*

pert'ly *adv.* (פוירט׳-לי) מיט מונטערקייט, מיט לעבעדיגקייט, מיט פלינקייט; דרייסט; מיט פרעכהייט, מיט העזה.

pert'ness *n.* (פוירט׳-נעס) מונטערקייט, לעבעדיגקייט, פלינקייט; דרייסטקייט; פרעכהייט, עזות.

perturb' *v.* (פויר-טוירב׳) צומישען, צוטומלען, שטערען, אריינברייננגען אונארדנונג; בעאונרוהיגען.

perturbabil'ity *n.* (פויר-טויר-בע-ביל׳-אי-טי) דאס קענען ווערען צוטומעלט, צומישט, געשטערט, געבראכט אין אונארדנונג אדער בעאונרוהיגט.

pertur'bable *a.* (פויר-טויר׳-בעבל) וואס קען צוטומעלט ווערען, צומישט ווערען, געשטערט ווערען אדער בעאונרוהיגט ווערען.

pertur'bance *n.* (פויר-טויר׳-בענס) צוטומלונג, צומישונג, בעאונרוהיגונג.

pertur'bant *a. and n.* (פויר-טויר׳-בענט) צוטומלענד, צומישענד, שטערענד; בעאונרוהיגענד, אויפרעגענד; עטוואס וואס צוטומעלט, צומישט, שטערט, ברייננגט אריין אונארדנונג אדער בעאונרוהיגט.

pertur'bate *v.* (פויר-טויר׳-בייט) ז. *perturb*

perturba'tion *n.* (פויר-טויר-ביי׳-שאן) אונרוהיגקייט, בעאונרוהיגונג, אויפגערעגטקייט, אויפרעגונג; שטערונג; וואקלונג, ענדערונג; אונארדנונג; עטוואס וואס בעאונרוהיגט; אין אסטראנאמיע — אבווייכונג [פון א פלאנעט אדער קאמעט פון דעם בעשטימטען לויף-גאנג אדער פון דער בעשטימטער שנעלקייט].

perturba'tional *a.* (פויר-טויר-ביי׳-שאנ-על) וואס איז שייך צו בעאונרוהיגונג, שטערונג, אבווייכונג אדער אונארדנונג.

per'turbative *a.* (פויר׳-טויר-ביי-טיוו) שטערענד, צוטומלענד, צומישענד; וואס ברייננגט אריין אונארדנונג; בעאונרוהיגענד.

per'turbator *a.* (פויר׳-טויר-ביי-טאר) א בעאונרוהיגער, א שטערער; איינער וואס צוטומעלט, צומישט אדער ברייננגט אריין אונארדנונג.

per'turbatrix *n.* (פויר׳-טויר-ביי-טריקס) א שטערערין, א בעאונרוהיגערין; איינע וואס צוטומעלט, צומישט אדער ברייננגט אריין אונארדנונג.

perturbed' *a.* (פויר-טוירבד׳) אונרוהיג; צומישט, צוטומעלט.

pertur'bedly *adv.* (פויר-טויר׳-בעד-לי) מיט אונרוהיגקייט; אויף אן אונרוהיגען אופן.

pertur'ber *n.* (פויר-טויר׳-בער) ז. *perturbator*

pertur'bing *n.* (פויר-טויר׳-בינג) שטערונג; בעאונרוהיגונג; צוטומלונג, צומישונג.

pertuse' *a.* (פויר-טיוס׳) געלעכערט, מיט לעכלעך.

pertused' *a.* (פויר-טיוסט׳) ז. *pertuse*

pertu'sion *n.* (פויר-טיו׳-זשאן) דאס דורכלעכערען אדער דורכשטעכען; א לאך, א דורכלעכערונג.

pertus'sal *a.* (פויר-טאס׳-על) וואס איז שייך אדער עהנליך צו קייך-הוסט [קאקליוש].

pertus'sis *n.* (פויר-טאס׳ איס) קייך-הוסט [קאקליוש].

peruke' *n. and v.* (פע-רוהק׳) א פארוק; אנטהאן א פארוק.

per'ula *n.* (פער׳-או-לא) ז. *perule*

per'ule *n.* (פער׳-אול) א שופע, א ליסקע [אויף פלאנצען, ווי למשל, די שופען עהנליכע בלעטלעך פון א קנאספע].

peruque'rian *a.* (פער-או-קיע׳-רי-ען) וואס איז שייך צו פארוק-מאכעריי.

peru'sal *n.* (פי-רוה׳-זעל) דאס דורכקוקען, דאס דורכפארשען; דאס דורכלעזען.
Only after a second **perusal** of the letter did I grasp its meaning.

peruse' *v.* (פי-רוהז׳) דורכקוקען, דורכפארשען; דורכלעזען.

peru'ser *n.* (פי-רוה׳-זער) איינער וואס קוקט דורך, פארשט דורך אדער לעזט דורך.

Peru'vian *a. and n.* (פי-רוה׳-ווי-ען) פערואניש, וואס איז שייך צו פערו [א לאנד אין זיד-אמעריקא]; א פערואנער, אן איינוואהנער פון פערו.

Peru'vian bark (פי-רוה׳-ווי-ען בארק) די כינין-קארע, די קארע פון דעם כינין-בוים [כינע-בוים]. ז. *Cinchona*

Peru'vian bark tree (פי־רו׳־ווי־ען בארק טריע) דער כינין־קארע בוים. ז. *Cinchona*.

pervade' v. (פויר־וויד׳) דורכדרינגען; דורכנעהמען, דורכגעהן; דורך און דורך אנפילען; זיך פערשפרייטען איבעראל.

perva'sion n. (פויר־ווי׳־זשאן) דורכדרינגונג, דאס דורכנעהמען דורך און דורך; אנפילונג; דאס זיין איבעראל פערשפרייט.

perva'sive a. (פויר־ווי׳־סיוו) דורכדרינגענד, דורכנעהמענד דורך און דורך; אנפילענד, איבעראל פערשפרייט.

perverse' a. (פויר־ווארס׳) פערקעהרט, ניט ווי עס בעדארף צו זיין; פערדארבען, שלעכט, זינדיג; פערדריסליך, בייז, קאפּריזנע.

perverse'ly adv. (פויר־ווארס׳־לי) פערקעהרט, ניט ווי עס בעדארף צו זיין; מיט פערדארבענהייט, מיט שלעכטקייט; אויף א זינדיגען אופן; מיט פערדריסליכקייט, בייזקייט אדער קאפּריזנעקייט.

perverse'ness n. (פויר־ווארס׳־נעס) דאס זיין פערקעהרט ווי עס בעדארף זיין; פערדארבענקייט, זינדיגקייט, שלעכטקייט; פערדריסליכקייט, קאפּריזנעקייט.

perver'sion n. (פויר־וואיר׳־שאן) די פערדארבונג; דאס מאכען אומגעקעהרט ווי עס דארף זיין.

perver'sity n. (פויר־וואיר׳־סי־טי) ז. *perverseness*.

perver'sive a. (פויר־וואיר׳־סיוו) פערדארבענד.

pervert' v. (פויר־ווארט׳) פערדארבען, פערפיהרען; פערדארבען ווערען.

per'vert n. (פויר־ווארט) איינער וואס איז פערדארבען געווארען אדער איז אראב פון דרך הישר.

perver'ted a. (פויר־וואיר׳־טעד) פערדארבען; שלעכט, זינדיג, פאלש.

perver'ter n. (פויר־וואיר׳־טער) א פערדארבער, א פערפיהרער.

pervertibil'ity n. (פויר־וואיר־טי־ביל׳־אי־טי) דאס קענען אראבגעהן פון דרך הישר אדער פערדארבען ווערען.

perver'tible a. (פויר־וואיר׳־טיבל) וואס קען אראב פון דרך הישר, פערפיהרט ווערען אדער פערדארבען ווערען.

pervigil'ium n. (פויר־ווי־דזשיל׳־אי־אם) דאס וואכען די גאנצע נאכט; א קראנקהאפטע שלאפלאזיגקייט.

per'vious a. (פויר׳־ווי־אס) דורכדרינגליך, דורכגענגליך; אפען, וואס האט אן עפנונג אדער דורכגאנג; צוגענגליך.

per'viousness n. (פויר׳־ווי־אס־נעס) דורכדרינגליכקייט; צוגענגליכקייט; דאס זיין אפען, דאס האבען אן עפנונג אדער דורכגאנג.

pes n. (פיעז) א פוס; א פוס־ענהליכער קערפער־טהייל.

pesade' n. (פע־זייד׳) דאס אויפשטעלען זיך פון א פערד אויף די הינטערשטע פיס, דאס שטעלען זיך דיבאם.

pesage' n. (פע־זאזש׳) אן אבצאהלונג פאר אבוועגען סחורות.

pesan'te a. (פע־זאנ׳־טע) — אין מוזיק — שטארק בעטאנט.

pese'ta n. (פע־סיי׳־טא) א פעזעטא [אין שפאניען און פערו — א זילבערנע מטבע פון אונגעפעהר צוואנציג אמעריקאנער סענט].

pesh'wa n. (פעש׳־הווא) דער הויפּט אדער דער הערשער ביי די מאהראטען [א שבט אין אינדיען].

pes'kily adv. (פעס׳־קי־לי) בעלעסטיגענדיג, דאקוטשענדיג, פלאגענדיג, קוועלענדיג; זעהר; אונגעהויער [שלעכט].

pes'ky a. and adv. (פעס׳־קי) דאקוטשענד, בעלעסטיגענד, קוועלענד, פלאגענד; אונגעהויער.

pe'so n. (פיי׳־סאו) א פעזא, א שפאנישער דאלאר [אין שפאניען און אייניגע זיד־אמעריקאנישע לענדער].

pes'sary n. (פעס׳־ע־רי) א פעסארי, א מוטער־קראנץ אדער מוטער־רינג [אזא עלאסטישער רינג צו פערהאלטען די געבעהר־מוטער ביי פרויען, ווען זי קען זיך אליין ניט האלטען אויף׳ן פּלאץ].

pes'simism n. (פעס׳־אי־מיזם) פעסימיזם [די לעהרע, אז די וועלט איז דורכאויס שלעכט און דאס לעבען בעשטעהט מייסטענס פון ליידען; די נייגונג צו זעהן אלעס אין א שלעכטען שיין און צו ערווארטען פון יעדער זאך דאס ערגסטע].

pes'simist n. and a. (פעס׳־אי־מיסט) א פעסימיסט; פעסימיסטיש. ז. *pessimism*.

pessimis'tic a. (פעס־אי־מיס׳־טיק) פעסימיסטיש. ז. *pessimism*.

pessimis'tical a. (פעס־אי־מיס׳־טי־קעל) פעסימיסטיש. ז. *pessimism*.

pes'simize v. (פעס׳־אי־מאיז) זיין א פעסימיסט; זיין אן אנהענגער פון פעסימיזם [די לעהרע, אז די וועלט איז דורכאויס שלעכט און דאס לעבען פערמאגט מייסטענס ליידען].

pes'somancy n. (פעס׳־א־מענ־סי) דאס טרעפען אדער נביאות־זאגען דורך שטיינלעך.

pest n. (פעסט) א פעסט, א מגפה, א פּלאג.

Pestaloz'zian a. (פעס־טע־לאט׳־סי־ען) וואס איז שייך צו פעסטאלאצצי [א שווייצארישער פילאנטראפּ און פעדאגאג, געב. 1746, געשט. 1827] אדער צו זיין מעטאדע פון ערציהונג.

phos'phorus-box *n.* (פאָס'-פאָ-ראָס-
באָקס) א שוועבעלעך=קעסטעלע.

phos'phorus paste (פאָס'-פאָ-ראָס
פּייסט) אַזאַ סם [מיט פאָספאָר] פאַר
מייז, פּרייסען [טאַראַקאַנעס] א. ז. וו.

phos'phuret *n.* (פאָס'-פיו-רעט)
ז. *phosphid*

phos'phureted *a.* (פאָס'-פיו-רעט-עד)
ז. *phosphoreted*

phos'phuretted *a.* (פאָס'-פיו-רעט-עד)
ז. *phosphoreted*

photal'gia *n.* (פאָ-טעל'-דזשי-א) וועה=
טאָג וואָס קומט פון שיין.

pho'tic *a.* (פאָו'-טיק) וואָס איז שייך
צו ליכט און צו דער פּראָדוקציאָן פון ליכט
[שיין].

pho'tics *n.* (פאָו'-טיקס) די לעהרע וועג=
גען ליכט.

pho'to *n.* (פאָו'-טאָו) א פאָטאָגראַפיע, א
פאָטאָגראַפישעס בילד.

photochem'ical *a.* (פאָו-טאָ-קעמ'-
אי-קעל) פאָטאָ=כעמיש, וואָס איז שייך צו
דער כעמיישער ווירקונג פון ליכט.

photochem'ist *n.* (פאָו-טאָ-קעמ'-איסט)
א פאָטאָ=כעמיקער, א קענער אין פאָטאָ=
כעמיע. ז. *photochemistry*

photochem'istry *n.* (פאָו-טאָ-קעמ'-
איס-טרי) פאָטאָ=כעמיע, דער טייל פון כע=
מיע וואָס בעשעפטיגט זיך מיט דער כע=
מישער ווירקונג פון ליכט.

photochromat'ic *a.* (פאָו-טאָ-קראָ-

מעט'-איק) פאטאגראפירט אין נאטירליכע קאלירען.

photochromog'raphy *n.* (פאו-טא-קרא-מאג'-רע-פי) דאס ארונטערנעהמען פאטאגראפישע בילדער אין פערשיעדענע קאלירען.

photochro'motype *n.* (פאו-טא-קראו'-מא-טאיפ) א בילד געדרוקט אין קאלירען.

pho'tochromy *n.* (פאו'-טאו-קראו-מי) די קונסט פון פאטאגראפירען מיט קאלירען.

photochron'ograph *n.* (פאו-טא-קראנ'-א-גרעף) א פאטאכראנאגראף, אן אינסטרומענט ארונטערצונעהמען איינע נאך די אנדערע פאטאגראפיישע בילדער פון געגענשטענדע וועלכע געפינען זיך אין בעוועגונג; דאס בילד וואס ווערט אראבגענומען דורך דיעזען אינסטרומענט.

photochronog'raphy *n.* (פאו-טא-קרא-נאג'-רע-פי) פאטאכראנאגראפיע, דאס ארונטערנעהמען פאטאגראפישע בילדער איינע נאך די אנדערע פון א זאך וואס בעוועגט זיך [ווי למשל פון א פליהענדען פויגעל, פון א לויפענדער חיה א. ד. ג.].

pho'todrome *n.* (פאו'-טא-דראום) אן אינסטרומענט צו צייגען אפטישע עפעקטען דורך א ליכט⸗שיין וואס ווערט געווארפען אויף א זיך דרעהענדע פלאטע, וועלכע איז געפארבט מיט פערשיעדענע קאלירען אדער פיגורען.

photodynam'ic *a.* (פאו-טא-דאי-נעמ'-איק) פאטא⸗דינאמיש, וואס איז שייך צו דער ענערגיע אדער ווירקונג פון ליכט.

photodyspho'ria *n.* (פאו-טא-דיס-פאו'-רי-א) די מורא פאר ליכט.

photoelec'tric *a.* (פאו-טא-אי-לעק'-טריק) פאטא⸗עלעקטריש, וואס ווירקט דורך דער פעראייניגטער ווירקונג פון ליכט און עלעקטריציטעט; וואס פראדוצירט ליכט דורך דער הילף פון עלעקטריציטעט; וואס איז שייך צו פאטאגראפיע מיט דער הילף פון עלעקטרישער ליכט.

photoelec'trical *a.* (פאו-טא-אי-לעק'-טרי-קעל) ז. *photoelectric*.

photoelectric'ity *n.* (פאו-טא-אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטריציטעט וועלכע איז פראדוצירט דורך ליכט.

pho'to-engrave' *v.* (פאו'-טאו-ענ-גרייוו') מאכען פאטאגראפישע גראווירונגען. ז. *photo-engraving*.

pho'to-engra'ver *n.* (פאו'-טאו-ענ-גריי'-ווער) א פאטא⸗גראווירער, איינער וואס מאכט פאטאגראפישע גראווירונגען. ז. *photo-engraving*.

pho'to-engra'ving *n.* (פאו'-טאו-ענ-גריי'-ווינג) פאטאגראפישע גראווירונג, די גראווירונג דורך דער הילף פון פאטאגראפיע [די פאטאגראפיע ווערט אראבגענומען אויף א מעטאל⸗פלאטע, וועלכע ווערט נאכהער בעהאנדעלט מיט געוויסע כעמישע פליסיגקייטען, וועלכע פרעסען אויס אין דעם מעטאל די לעדיגע ערטער און עס בעקומט זיך א בולט בילד. מיט דיעזער פלאטע קען מען דאן דרוקען בילדער וועלכע זיינען א קאפיע פון דער פאטאגראפיע]; א פאטאגראפישע גראוויורע [א פלאטע אדער בילד].

photogen'ic *a.* (פאו-טא-דזשענ'-איק) וואס ווערט פראדוצירט דורך דער ווירקונג פון ליכט, וואס איז שייך צו פאטאגראפיע; וואס גיט ארויס ליכט אהן א מערקבארער היץ [וועגען געוויסע פלאנצען און טהיערע].

photog'eny *n.* (פא-טאדזש'-ע-ני) פאטאגראפירונג, פאטאגראפיע.

pho'tograph *n. and v.* (פאו'-טא-גרעף) א פאטאגראפיע, א ליכט⸗בילד; פאטאגראפירען.

photog'rapher *n.* (פא-טאג'-רע-פער) א פאטאגראף.

photograph'ic *a.* (פאו-טא-גרעפ'-איק) פאטאגראפיש; ווי א פאטאגראפיע.

photograph'ical *a.* (פאו-טא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *photographic*.

photograph'ically *adv.* (פאו-טא-גרעפ'-אי-קעל-אי) דורך פאטאגראפיע; אין בעצוג צו פאטאגראפיע; אזוי ווי אין פאטאגראפיע.

photog'raphy *n.* (פא-טאג'-רע-פי) פאטאגראפיע, פאטאגראפישע קונסט.

photogravure' *n. and v.* (פאו-טא-גרע-וויור') דאס גראווירען אויף מעטאל דורך דער הילף פון פאטאגראפיע; א פאטא⸗גראוויורע, א פלאטע וואס איז גראווירט דורך פאטאגראפישע מיטעל; א בילד געדרוקט מיט אזא פלאטע; מאכען א פאטא⸗גראוויורע. ז. *photo-engraving*.

photohe'liograph *n.* (פאו-טא-הי'-לי-א-גרעף) א פאטאהעליאגראף, א פאטאגראפישער טעלעסקאפ צום נעהמען פאטאגראפיעס פון דער זון.

photolith'ograph *n. and v.* (פאו-טא-ליטה'-א-גרעף) א פאטאליטאגראפיע, א בילד געדרוקט דורך פאטאליטאגראפיע; דרוקען דורך פאטאליטאגראפיע. ז. *photolithography*.

photolithograph'ic *a.* (פאו-טא-ליטה-א-גרעפ'-איק) פאטאליטאגראפיש, וואס איז שייך אדער וואס איז פראדוצירט דורך פאטאליטאגראפיע. ז. *photolithography*.

photolithog'raphy *n.* (פאו-טא-לי-טהאג'-רע-פי) פאטאליטאגראפיע, פאטאגראפישער שטיין⸗דרוק [דאס פראדוצירען אויף שטיין א דרוק⸗פלעכע דורך דער הילף פון פאטאגראפיע אום צו דרוקען ליטאגראפישע בילדער].

photolog'ic *a.* (פאו-טא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען ליכט.

photolog'ical *a.* (פאו-טא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *photologic*.

photol'ogist *n.* (פא-טאל'-א-דזשיסט) א פאטאלאג, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער וויסענשאפט וועגען ליכט.

photol'ogy *n.* (פא-טאל'-א-דזשי) די ליכט⸗לעהרע, די וויסענשאפט וועגען ליכט.

photomag'netism *n.* (פאו-טא-מעג'-נעט-איזם) פאטא⸗מאגנעטיזם, די שייכות פון מאגנעטיזם צו ליכט.

photomechan'ical *a.* (פאו-טא-מי-קענ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער מעכאנישער פראדוקציאן פון בילדער דורך פאטאגראפיע [ווי פאטא⸗גראווירונג, פאטאליטאגראפיע א. ד. ג.].

photom'eter *n.* (פא-טאמ'-ע-טער) א פאטאמעטער, א ליכט⸗מעסטער [אן אינסטרומענט צום מעסטען די העלקייט פון ליכט, בעזונדערס צו פערגלייכען צוויי ליכט⸗קוועלען].

phōtomet'ric *a.* (פאו-טא-מעט'-ריק) פאטאמעטריש, וואס איז שייך צו פאטאמעטריע [די מעסטונג פון דער העלקייט פון ליכט].

photomet'rical *a.* (פאו-טא-מעט'-רי-קעל) ז. *photometric*.

photomet'rically *adv.* (פאו-טא-מעט'-רי-קעל-אי) דורך א פאטאמעטער [ליכט⸗מעסטער]; אין בעצוג צו פאטאמעטריע [ליכט⸗מעסטונג].

photometri'cian *n.* (פאו-טא-מע-טריש'-ען) א קענער אין פאטאמעטריע [ליכט⸗מעסטונג].

photom'etrist *n.* (פא-טאמ'-ע-טריסט) ז. *photometrician*.

photom'etry *n.* (פא-טאמ'-עט-רי) פאטאמעטריע [ליכט⸗מעסטונג].

photomi'crograph *n.* (פאו-טא-מאי'-קרא-גרעף) א פערגרעסערט פאטאגראפיש בילד פון א גאנץ קליינער [מיקראסקאפישער] זאך.

photomicrog'rapher *n.* (פאו-טא-מאי-קראג'-רע-פער) א פאטאמיקראגראף, איינער וואס פערגרעסערט פאטאגראפישע בילדער פון מיקראסקאפישע געגענשטענדע.

photomicrograph'ic *a.* (פאו-טא-מאי-קרא-גרעפ'-איק) פאטאמיקראגראפיש, וואס איז געמאכט דורך פאטאמיקראגראפיע; וואס איז שייך צו פאטאמיקראגראפיע. ז. *photomicrography*.

photomicrog'raphy *n.* (פאו-טא-מאי-קראג'-רע-פי) פאטאמיקראגראפיע, די קונסט צו פערגרעסערען פאטאגראפישע בילדער וועלכע זיינען גענומען פון מיקראסקאפישע געגענשטענדע.

photopho'bia *n.* (פאו-טא-פאו'-בי-א) פאטאפאביע, א קראנקהאפטע מורא פאר ליכט.

photopho'bic *a.* (פאו-טא-פאו'-ביק) וואס האט מורא פאר ליכט; וואס קען ניט פערטראגען קיין ליכט.

pho'tophone *n.* (פאו'-טא-פאון) דער פאטאפאן [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען ווערטער קענען איבערגעגעבען ווערען דורך ליכט⸗שטראהלען].

photophys'ical *a.* (פאו-טא-פיז'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער פיזיקאלישער ווירקונג פון ליכט.

pho'to-print *n.* (פאו'-טאו-פרינט) ליכט⸗דרוק, דרוקעריי מיט דער הילף פון פאטאגראפישען פראצעס.

pho'to-proc'ess *n.* (פאו'-טאו-פראס'-עס) א פאטאגראפישער פראצעס דורך וועלכען עס ווערט געמאכט א גראוויורע צום דרוקען.

photop'sia *n.* (פא-טאפ'-סי-א) דאס פינקלען אין די אויגען [א קרענקליכער צושטאנד, ביי וועלכען עס דוכט זיך, אז עס פליהען פונקען פאר די אויגען].

pho'topsy *n.* (פאו'-טאפ-סי) ז. *photopsia*.

pho'to-relief' *a. and n.* (פאו'-טאו-רי-ליעף') וואס איז שייך צו א בולט'ען בילד, אילוסטראציאן אדער דרוק⸗פלאטע וואס איז פראדוצירט געווארען דורך א פאטאגראפישען פראצעס; א בילד אדער דרוק⸗פלאטע וואס איז אויף אזא אופן פראדוצירט געווארען.

pho'tosphere *n.* (פאו'-טא-ספיער) די ליכט⸗ספערע פון דער זון, דער ארומיגער ליכט⸗קרייז פון דער זון אדער פון א שטערען.

photospher'ic *a.* (פאו-טא-ספער'-איק) וואס איז שייך צו דער ליכט⸗ספערע פון דער זון.

phototachom'eter *n.* (פאו-טא-טע-קאמ'-ע-טער) א פאטאטאכאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די געשווינדקייט פון ליכט.

phototachom'etry *n.* (פאו-טא-טע-קאמ'-עט-רי) די מעסטונג פון ליכט⸗געשווינדקייט.

phototeleg'raphy *n.* (פאו-טא-טי-לעג'-רע-פי) דאס עלעקטרישע דרוקען פון בילדער אדער שריפטען פון דער ווייטענס.

phototel'ephone *n.* (פאו-טא-טעל'-ע-פאון) ז. *photophone*

pho'totype *n. and a.* (פאו'-טא-טאיפ) א דרוק⸗פלאטע אדער דרוק⸗שריפט וואס איז געמאכט געווארען דורך פאטא⸗גראווירונג; א בילד וואס איז געדרוקט פון אזא פלאטע; וואס איז שייך צו דער קונסט צו מאכען אזעלכע פלאטען אדער אזא שריפט; געמאכט מיט דער הילף פון דיעזער קונסט.

phototypograph'ic *a.* (פאו-טא-טאי-פא-גרעפ'-איק) פאטא⸗טיפאגראפיש, וואס איז שייך צום דרוקען מיט דרוק⸗פלאטען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען דורך פאטא⸗גראווירונג.

phototypog'raphy *n.* (פאו-טא-טאי-פאג'-רע-פי) פאטא⸗טיפאגראפיע, דאס דרוקען מיט פלאטען, וועלכע זיינען געמאכט געווארען דורך פאטא⸗גראווירונג.

pho'totypy *n.* (פאו'-טא-טאי-פי) דאס מאכען מעטאלענע דרוק⸗פלאטען דורך פאטא⸗גראווירונג.

photovit'rotype *n.* (פאו-טא-וויט'-רא-טאיפ) א פאטאגראפיע אויף א גלאז⸗פלאטע.

photovolta'ic *a.* (פאו-טא-וואל-טיי'-איק) וואס איז שייך צו אן עלעקטרישען שטראם וואס ווערט פראדוצירט דורך ליכט אדער וואס ענדערט זיין שטארקייט דורך דער ווירקונג פון ליכט.

photozincog'raphy *n.* (פאו-טא-זינ-קאג'-רע-פי) פאטא⸗גראווירונג אויף צינק.

photu'ria *n.* (פא-טיו'-רי-א) דאס לאזען לייכטענדע אדער פאספארישע השתנה [אורין].

phra'sal *a.* (פריי'-זעל) וואס בעשטעהט פון א פראזע, וואס בעשטעהט פון צוויי אדער דריי ווערטער.

phrase *n. and v.* (פרייז) א פראזע, אן אויסדרוק, א רעדענס⸗ארט; אין מוזיק — א טאן⸗זאץ, א טייל פון א מעלאדיע; אויסדריקען אין א פראזע; זיך אויסדריקען; אין מוזיק — צוטיילען אין טאנזעצע.

phrase'-book *n.* (פרייז'-בוק) א פראזען⸗בוך [א בוך וואס ענטהאלט אידיאמאטישע אויסדריקע].

phrase'man *n.* (פרייז'-מען) ז. *phrasemonger*

phrase'monger *n.* (פרייז'-מאנ-גער) א פראזיאר, איינער וואס שיט מיט פראזען אדער מליצות.

phra'seogram *n.* (פריי'-זי-א-גרעם) א פערבינדונג פון סטענאגראפישע צייכענס, וועלכע שטעלט פאר א פראזע אדער א זאץ.

phra'seograph *n.* (פריי'-זי-א-גרעף) ז. *phraseogram*

phraseog'raphy *n.* (פריי-זי-אג'-רע-פי) די פערבינדונג פון צוויי אדער מעהרערע סטענאגראפישע צייכענס, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א פראזע אדער זאץ.

phraseolog'ic *a.* (פריי-זי-א-לאדזש'-איק) פראזעאלאגיש, וואס איז שייך צו פראזעאלאגיע. ז. *phraseology*

phraseolog'ical *a.* (פריי-זי-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *phraseologic*

phraseolog'ically *adv.* (פריי-זי-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פראזעאלאגיע [דער אויסדרוקס⸗סטיל].

phraseol'ogist *n.* (פריי-זי-אל'-א-דזשיסט) א פראזעאלאג, א בעל⸗מליצה.

phraseol'ogy *n.* (פריי-זי-אל'-א-דזשי) פראזעאלאגיע, די פארם פון דער ווארט⸗שטעלונג אין א זאץ, די ארט פון אויסדריקען זיך, דער אויסדרוקס⸗סטיל; א זאמלונג פון פראזען און אידיאמען.

phra'sing *n.* (פריי'-זינג) דער סטיל פון אן אויסדרוק אדער זאץ; צוטיילונג פון א מוזיקאלישער פערפאסונג אין בעזונדערע טאן⸗זעצע אדער פראזען.

phra'tria *n.* (פריי'-טרי-א) ז. *phratry*

phra'try *n.* (פריי'-טרי) א משפחה, א פאמיליען⸗גרופע [אלס א טייל פון א שבט ביי די פרימיטיווע פעלקער און אין פארצייטיגען גריכענלאנד].

phren *n.* (פרען) די דענקונגס⸗קראפט, דער פערשטאנד; די דיאפראגמע אדער צווערכפעל [די דיקע הויט צווישען דעם ברוסטקאסטען און דעם בויך].

phrenal'gia *n.* (פרי-נעל'-דזשי-א) א שטארקע גייסטיגע צורודערטקייט אדער אונרוהיגקייט; מעלאנכאליע.

phrene'sis *n.* (פרי-ני'-סיס) משוגעת, וואהנזין.

phrenet'ic *a.* (פרי-נעט'-איק) משוגע.

phrenet'ical *a.* (פרי-נעט'-אי-קעל) ז. *phrenetic*

phreniat'ric *a.* (פרענ-אי-עט'-ריק) וואס איז שייך צו דער היילונג פון גייסטיגע קראנקהייטען.

phren'ic *a. and n.* (פרענ'-איק) וואס געהערט צו דער דיאפראגמע אדער צווערכפעל [די דיקע הויט וואס איז צווישען דעם ברוסט⸗קאסטען און דעם בויך]; א גייסטיגע קראנקהייט אדער א מיטעל צו א גייסטיגער קראנקהייט.

phren'ism *n.* (פרענ'-איזם) די דענקונגס⸗קראפט.

phrenit'ic *a.* (פרי-ניט'-איק) וואס איז קראנק אויף מארך⸗ענטצינדונג; וואהנזיניג, משוגע.

phreni'tis *n.* (פרי-נאי'-טיס) געהירן⸗ענטצינדונג, מארך⸗ענטצינדונג; וואהנזין, משוגעת.

phrenol'oger *n.* (פרי-נאל'-א-דזשער) ז. *phrenologist*

phrenolog'ic *a.* (פרענ-א-לאדזש'-איק) פרענאלאגיש, וואס געהערט צו דער שייטעל⸗לעהרע. ז. *phrenology*

phrenolog'ical *a.* (פרענ-א-לאדזש'-אי-קעל) ז. *phrenologic*

phrenolog'ically *adv.* (פרענ-א-לאדזש'-אי-קעל-אי) פרענאלאגיש, לויט די כללים פון פרענאלאגיע. ז. *phrenology*

phrenol'ogist *n.* (פרי-נאל'-א-דזשיסט) א פרענאלאג, א קענער פון דער שייטעל⸗לעהרע. ז. *phrenology*

phrenol'ogy *n.* (פרי-נאל'-א-דזשי) פרענאלאגיע, די שייטעל⸗לעהרע [די לעהרע אז דעם מענשען'ס גייסט איז צוזאמענגעשטעלט פון בעזונדערע פעהיגקייטען, ווי די פעהיגקייט פון דענקען, פון פריינדשאפט, פון האפנונג א. ז. וו., און יעדע פעהיגקייט האט איהר בעשטימטען פלאץ אין מארך. לויט דיעזער לעהרע, קען מען אלזא וויסען דעם מענשען'ס נאטור און זיינע פעהיגקייטען פון דעם געבוי פון שארבען]; די לעהרע אדער שטודיום וועגען שכל אדער אינטעלעקט.

phrenomag'netism *n.* (פרענ-א-מעג'-נעט-איזם) די פעהיגקייט אויפצורעגען די געהירן דורך דער קראפט פון טהיערישען מאגנעטיזם.

phrenomes'merism *n.* (פרענ-א-מעז'-מער-איזם) ז. *phrenomagnetism*

phrenopath'ia *n.* (פרענ-א-פעטה'-אי-א) גייסטעס⸗קראנקהייט, פסיכאפאטיע; וואהנזין, משוגעת.

phrenople'gia *n.* (פרענ-א-פלי'-דזשי-א) פלעצליכער פערלוסט פון די גייסטיגע פעהיגקייטען אדער פון שכל.

phreno'sis *n.* (פרי-נאו'-סיס) ז. *psychosis*

phrone'sis *n.* (פרא-ני'-סיס) פראקטישער שכל.

Phryg'ian *a. and n.* (פרידזש'-אי-ען) וואס איז שייך צו פריגיען [אן אלטע פראווינץ אין קליין⸗אזיען]; א פריגיער, אן איינוואהנער פון פריגיען.

Phryg'ian stone (פרידזש'-אי-ען סטאון) דער פריגישער שטיין [א געוויסער זארט פימס⸗שטיין].

Phryg'ian work (פרידזש'-אי-ען הוואירק) גאלד⸗האפטונג.

phthiri'asis *n.* (טהי-ראי'-ע-סיס) לייזיגקייט, דאס האבען לייז אויף'ן קערפער.

phthis'ic *a. and n.* (טיז'-איק) שווינדזיכטיג, וואס האט די אויסצעהרונג; א שווינדזיכטיגער; אויסצעהרונג.

phthis'ical *a.* (טיז'-אי-קעל) שווינדזיכטיג, וואס האט די אויסצעהרונג.

phthis'icky *a.* (טיז'-אי-קי) ז. *phthisical*

phthisiol'ogy *n.* (טיז-אי-אל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען שווינדזוכט אדער אויסצעהרונג.

phthi'sis *n.* (טהאי'-סיס) שווינדזוכט, אויסצעהרונג.

phycog'raphy *n.* (פאי-קאג'-רע-פי) א וויסענשאפטליכע בעשרייבונג פון ים⸗גראזען.

phycol'ogist *n.* (פאי-קאל'-א-דזשיסט) א קענער פון דער וויסענשאפט וועגען ים⸗גראזען.

phycol'ogy *n.* (פאי-קאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ים⸗גראזען.

phylac'ter *n.* (פי-לעק'-טער) ז. *phylactery*

phylac'tered *a.* (פי-לעק'-טערד) וואס טראגט תפלין; וואס טראגט קמיעות; היפאקריטיש, ווי א פרומאק.

phylacter'ic *a.* (פיל-עק-טער'-איק) וואס איז שייך צו תפלין.

phylacter'ical *a.* (פיל-עק-טער'-אי-קעל) ז. *phylacteric*

phylac'tery *n.* (פי-לעק'-טע-רי) תפלין; א קמיע; ביי די פארצייטיגע קריסטען — א קעסטעל מיט רעליקוויען [אנדענקונגס⸗צייכענס פון הייליגע].

phy'læ *n.* (פאי'-ליע) פילען [שבטים, פעראייניגונגען פון עטליכע משפחות ביי די פארצייטיגע גריכען]. ז. *phyle*

phy'larch *n.* (פאי'-לארק) א פילארך, אן אנפיהרער פון א פילע [א שבט אדער פעראייניגונג פון עטליכע משפחות ביי די אלטע גריכען]; א קאמאנדיר פון קאוואלעריע [רייט⸗סאלדאטען] פון א שבט אין אטהען [אלט⸗גריכענלאנד].

phy'larchy *n.* (פאי'-לאר-קי) דאס אמט אדער ווירדע פון א פילארך. ז. *phylarch*

phy'le *n.* (פאי'-לי) א שבט, א פעראייניגונג פון עטליכע משפחות ביי די אלטע גריכען, א פילע.

phyl'lis *n.* (פיל'-איס) א דארפס⸗מיידעל, א הירטין, א פאסטושקע [אלס א ליעבעס⸗נאמען אין אידיליען, פאעמען א. ד. ג.].

phyl'lium *n.* (פיל'-אי-אם) דער בלאט־
אינזעקט [אזא אינזעקט וואס זיינע פלי־
געל־דעקלעך זיינען עהנליך צו פלאנצען־
בלעטער].

Phyllium (Leaf-insect)

phyl'lody *n.* (פיל'-א-די) אין באטא־
ניק — דאס פערוואנדלען זיך פון פער־
שיעדענע פלאנצען־טיילען אין בלעטער.

phyl'logen *n.* (פיל'-א-דזשען)
ז. *phyllophore*

phyllog'enous *a.* (פי-לאדזש'-ע-נאס)
וואס וואקסט אויף בלעטער.

phyl'loid *a.* (פיל'-איד) עהנליך צו א
בלאט, בלאט־פערמיג.

phylloi'deous *a.* (פי-לאי'-די-אס)
ז. *phylloid*

phyl'lome *n.* (פיל'-אום) דאס בלאט,
דאס בלאט אין אלע זיינע פארמען, בע־
בלעטערונג.

phylloph'agous *a.* (פי-לאפ'-ע-גאס)
בלעטער־פרעסענד, בלאט־עסענד.

phyl'lophore *n.* (פיל'-א-פאור) דער
אויבערשטער שפיץ פון א פאלמען־שטאם,
פון וועלכען עס וואקסען ארויס די בלע־
טער.

phylloph'orous *a.* (פי-לאפ'-א-ראס)
וואס גיט ארויס בלעטער; אין זאאלא־
גיע — וואס האט בלעטער־פערמיגע ארגא־
נען אדער קערפער־טיילען.

phyllotac'tic *a.* (פיל-א-טעק'-טיק)
וואס איז שייך צו בעבלעטערונג [די ארד־
נונג און די פערטיילונג פון די בלעטער
אויף א בוים].

phyllotax'is *n.* (פיל א-טעקס'-איס)
די בעבלעטערונג [די ארט ווי אזוי די
בלעטער זיינען פאנאנדערגעטיילט אויף
א פלאנצען־שטענגעל].

phyl'lotaxy *n.* (פיל'-א-טעקס-אי)
ז. *phyllotaxis*

phylloxe'ra *n.* (פיל-אק-סי'-רא) די
פילאקסערא, די וויינשטאק־לויז [א זעהר
שעדליכער אינזעקט פאר וויינגערטנער];
די קראנקהייט וואס דיעזער אינזעקט פער־
אורזאכט אין א וויינשטאק.

Phylloxe'ra *n.* (פיל-אק-סי'-רא)
פילאקסערא, דער מין פלאנצען־לייז
[אזעלכע אינזעקטען וואס פערדארבען
פלאנצען, ווי די וויינשטאק־לויז].

phylogen'esis *n.* (פאי-לא-דזשען'-ע-
סיס) ז. *phylogeny*

phylogenet'ic *a.* (פאי-לא-דזשי-נעט'-
איק) ז. *phylogenic*

phylogen'ic *a.* (פאי-לא-דזשען'-איק)
פילאגעניש, וואס איז שייך צו פילאגעניע.
ז. *phylogeny*

phylog'eny *n.* (פאי-לאדזש'-ע-ני) פי־
לאגעניע [די געשיכטע פון ענטוויקלונג
פון א גאנצען מין פון פלאנצונגען אדער
חיות אין געגענזאץ צו אנטאגעניע, די
ענטוויקלונגס־געשיכטע פון איין אינדיווי־
דואום].

phys'alite *n.* (פיס'-ע-לאיט) דער פיזע־
ליט [א מין טאפאז]. ז. *topaz*

physe'ter *n.* (פאי-סי'-טער) א קאשא־
לאט [א זעהר גרויסער ים־פיש].

phys'ic *n. and v.* (פיז'-איק) די מע־
דיצין־לעהרע; די הייל־קונסט; א מעדי־
צין, א רפואה; אן אבפיהרונגס־מיטעל;
קורירען; געבען מעדיצין; איינגעבען
אדער איינגעהמען אן אבפיהרונגס־מיטעל;
בעהאנדלען מיט א כעמישען מיטעל אב־
צורייניגען פון זייטיגע עלעמענטען [ווי
דאס געברויכען אן אקסידירענדען מיטעל
צו רייניגען אייזען פון פאספאר און שווע־
בעל].

phys'ical *a.* (פיז'-אי-קעל) פיזיש;
קערפערליך; נאטירליך; פיזיקאליש, וואס
איז שייך צו פיזיק אדער נאטור־וויסענ־
שאפט.

phys'ical examina'tion (פיז'-אי-
קעל עג-זעמ-אי-ניי'-שאן) א פיזישע אדער
קערפערליכע אונטערזוכונג [אויב עס
זיינען ניט פאראן קיין סמנים פון א
קראנקהייט].

phys'ical force (פיז'-אי-קעל פאורס)
פיזישע אדער קערפערליכע קראפט.

phys'ical geog'raphy (פיז'-אי-קעל
דזשי-אג'-רע-פי) פיזיקאלישע געאגראפיע
[דער טייל פון געאגראפיע וואס פער־
נעהמט זיך מיט דער בעשרייבונג פון די
פיזיקאלישע ערשיינונגען, איינגענשאפטען
און פארמען פון דער אויבערפלעכע פון
דער ערד].

phys'icalist *n.* (פיז'-אי-קעל-איסט)
איינער וואס האלט פון דער טעאריע, אז
דער מענשליכער גייסט אדער אינטעלעקט
העננט אב פון זיין קערפערליכען געבוי.

phys'ical laws (פיז'-אי-קעל לאהז)
די נאטור־געזעצען.

phys'ically *adv.* (פיז'-אי-קעל-אי)
אויף א פיזיקאלישען אדער פיזישען אופן
[ניט גייסטיג אדער אינטעלעקטועל];
אין בעצוג צו פיזיק אדער נאטור־וויסענ־
שאפט.

phys'icalness *n.* (פיז'-אי-קעל-נעס)
דאס זיין פיזיקאליש אדער פיזיש.

phys'ical perfec'tion (פיז'-אי-קעל
פויר-פעק'-שאן) קערפערליכע פאלקאמענ־
הייט.

phys'ical sci'ences (פיז'-אי-קעל
סאי'-ענ-סעז) די פיזיקאלישע וויסענ־
שאפטען [די וויסענשאפטען איבער דער
טויטער נאטור, ווי פיזיק, כעמיע, אסטרא־
נאמיע, געאלאגיע א. ז. וו.].

phys'ical signs (פיז'-אי-קעל סאינז)
פיזישע צייכענס פון א קראנקהייט [די
סמנים פון א קראנקהייט וועלכע דער דאק־
טאר בעמערקט דירעקט פון דעם פיזישען
צושטאנד פון קערפער].

physi'cian *n.* (פי-זיש'-ען) א דאקטאר,
אן ארצט.

physi'ciancy *n.* (פי-זיש'-ען-סי) די
אנשטעלונג פון א דאקטאר; די שטעלע
אדער אמט פון א דאקטאר.

physi'cian in or'dinary (פי-זיש'-ען
אין אהר'-די-נער-אי) א לייב־ארצט.

physi'cianly *a.* (פי-זיש'-ען-לי) דאק־
טאריש, כאראקטעריסטיש פאר א דאקטאר,
וואס איז שייך צו א דאקטאר [ארצט].

physi'cianship *n.* (פי-זיש'-ען-שיפ)
דאס אמט אדער די שטעלע פון א דאק־
טאר.

phys'icist *n.* (פיז'-אי-סיסט) א גע־
לעהרטער אין פיזיק אדער נאטור־וויסענ־
שאפט, א נאטור־פילאזאף; איינער וואס
שטרעבט צו ערקלערען דעם גרונד־פרינציפ
פון לעבען בלויז דורך פיזיקאלישע און
כעמישע געזעצען.

phys'icky *a.* (פיז'-אי-קי) ווי א מעדי־
צין, ווי א רפואה.

phys'ic-nut *n.* (פיז'-איק-נאט) דער
פורגיר־נוס אדער אבפיהר־נוס [א געווי־
סער נוס וואס זיין אויל ווערט בענוצט
אלס אבפיהר־מיטעל].

physicochem'ical *a.* (פיז-אי-קאו-
קעמ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו פיזיק
און כעמיע; וואס איז פראדוצירט דורך
דער פעראייניגונג פון פיזיקאלישע און
כעמישע קרעפטען.

physicolog'ic *n.* (פיז-אי-קא-לאדזש'-
איק) לאגיק וואס איז בעגרינדעט דורך
פיזיק.

physicomathemat'ics *n.* (פיז-אי-
קא-מעטה-אי-מעט'-איקס) די מאטהעמא־
טישע פיזיק.

physicomen'tal *a.* (פיז-אי-קא-מענ'-
טעל) וואס איז שייך צו פיזישע און גייס־
טיגע ערשיינונגען און זייערע געגענזייטי־
גע בעציהונגען.

physicophilos'ophy *n.* (פיז-אי-קא-
פי-לאס'-א-פי) די פילאזאפיע פון דער
נאטור, פילאזאפיע בעגרינדעט אויף נא־
טור־וויסענשאפט.

physicotheol'ogy *n.* (פיז-אי-קא-טהי-
אל'-א-דזשי) טעאלאגיע [רעליגיאנס־לעה־
רע] בעגרינדעט דורך נאטור־וויסענשאפט.

phys'ics *n.* (פיז'-איקס) פיזיק, נאטור־
וויסענשאפט.

physioc'racy *n.* (פיז-אי-אק'-רע-סי)
פיזיאקראטיזם, די עקאנאמישע לעהרע פון
די פיזיאקראטען [די טעאריע, אז דאס
רייכטום פון א נאציאן בעשטעהט בלויז
אין לאנד און לאנד־פראדוקטען, אין גע־
גענזאץ צו די מערקאנטיליסטען וואס הא־
בען בעהויפטעט, אז דאס רייכטום פון א
נאציאן בעשטעהט אין גאלד און אנדערע
טייערע מעטאלען. אלס שלום־פאלגערונג
פון זייער לעהרע האבען די פיזיאקראטען
געפאדערט, אז אלע הכנסות פון שטאאט
דארפען גענומען ווערען פון לאנד דורך א
דירעקטען שטייער וואס דארף ארויפגע־
לעגט ווערען אויף לאנד־אייגענטום און
אז דער האנדעל דארף זיין פאלשטענדיג
פריי. דיעזע טעאריע האט געהאט פיעל
אנהעננער אין דער צווייטער העלפט פון
18טען יאהרהונדערט].

phys'iocrat *n.* (פיז'-אי-א-קרעט) א
פיזיאקראט, אן אנהעננער פון פיזיאקרא־
טיזם. ז. *physiocracy*

physiocrat'ic *a.* (פיז-אי-א-קרעט'-
איק) פיזיאקראטיש, וואס איז שייך צו די
לעהרען פון די פיזיאקראטען.
ז. *physiocracy*

physioc'ratism *n.* (פיז-אי-אק'-רע-
טיזם) ז. *physiocracy*

physiogen'esis *n.* (פיז-אי-א-דזשען'-
ע-סיס) ז. *physiogeny*

physiogenet'ic *a.* (פיז-אי-א-דזשי-
נעט'-איק) ז. *physiogenic*

physiogen'ic *a.* (פיז-אי-א-דזשען'-
איק) פיזיאגעניש, וואס איז שייך צו פי־
זיאגעניע. ז. *physiogeny*

physiog'eny *n.* (פיז-אי-אדזש'-ע-ני)

אין ביאָלאָגיע — די ענטוויקלונג פון די פונקציאָנען פון לעבעדיגען שטאָף; די וויסענשאַפט אָדער די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון די פונקציאָנען פון לעבעדיגען שטאָף.

physiog'nomer *n.* (פיז-אי-אַג'-נאַ-מער) ז. *physiognomist*

physiognom'ic *a.* (פיז-אי-אַג-נאַמ'-איק) פיזיאָגנאָמיש; וואָס איז שייך צו דער פיזיאָגנאָמיע אָדער געזיכט; וואָס איז שייך צו דער קונסט פון בעשטימען דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע.

physiognom'ical *a.* (פיז-אי-אַג-נאַמ'-אי-קעל) ז. *physiognomic*

physiognom'ically *adv.* (פיז-אי-אַג-נאַמ'-אי-קעל-אי) לויט דער פיזיאָגנאָמיע; לויט די כללים פון חכמת הפרצוף [די קונסט צו דערקענען דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע].

physiognom'ics *n.* (פיז-אי-אַג-נאַמ'-איקס) ז. *physiognomy*

physiog'nomist *n.* (פיז-אי-אַג'-נאַ-מיסט) אַ פיזיאָגנאָמיסט, אַ קענער פון חכמת הפרצוף, איינער וואָס קען בעשטימען דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע.

physiognomon'ic *a.* (פיז-אי-אַג-נאַ-מאַנ'-איק) ז. *physiognomic*

physiog'nomy *n.* (פיז-אי-אַג'-נאַ-מי) די פיזיאָגנאָמיע, די געזיכטסציגע, דאָס געזיכט; חכמת הפרצוף, די קונסט צו דערקענען דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען דורך זיינע געזיכטסציגע; דאָס אַלגעמיינע אויסערליכע אויסזעהן פון עפּעס.

physiog'ony *n.* (פיז-אי-אַג'-אַ-ני) די ענטשטעהונג פון דער נאַטור.

physiograph'ic *a.* (פיז-אי-אַ-גרעפ'-איק) פיזיאָגראַפיש, נאַטור-בעשרייבענד; וואָס איז שייך צו פיזיקאַלישער געאָגראַפיע. ז. *physical geography*

physiograph'ical *a.* (פיז-אי-אַ-גרעפ'-אי-קעל) ז. *physiographic*

physiograph'ically *adv.* (פיז-אי-אַ-גרעפ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פיזיאָגראַפיע; פון אַ פיזיאָגראַפישען שטאַנדפונקט. ז. *physiography*

physiog'raphy *n.* (פיז-אי-אַג'-רע-פי) פיזיאָגראַפיע, די נאַטור-בעשרייבונג, פיזיקאַלישע געאָגראַפיע. ז. *physical geography*

physiol'atry *n.* (פיז-אי-אַל'-ע-טרי) די פערגעטערונג פון די נאַטור-קרעפטען.

physiol'oger *n.* (פיז-אי-אַל'-אַ-דזשער) אַ נאַטור-פילאָזאָף; איינער וואָס זוכט צו ערקלערען דעם גרונד-פרינציפּ פון לעבען בלויז דורך פיזיקאַלישע און כעמישע געזעצען.

physiolog'ic *a.* (פיז-אי-אַ-לאַדזש'-איק) פיזיאָלאָגיש, וואָס איז שייך צו פיזיאָלאָגיע. ז. *physiology*

physiolog'ical *a.* (פיז-אי-אַ-לאַדזש'-אי-קעל) ז. *physiologic*

physiolog'ically *adv.* (פיז-אי-אַ-לאַדזש'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו פיזיאָלאָגיע, לויט די פרינציפּען פון פיזיאָלאָגיע. ז. *physiology*

physiolog'ical psychol'ogy (פיז-אי-אַ-לאַדזש'-אי-קעל סאַי-קאַל'-אַ-דזשי) פיזיאָלאָגישע פסיכאָלאָגיע [די וויסענשאַפט וואָס בעשעפטיגט זיך מיט די פיזיאָלאָגישע און פסיכאָלאָגישע ערשיינונגען אין זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען].

physiol'ogist *n.* (פיז-אי-אַל'-אַ-דזשיסט) אַ פיזיאָלאָג, אַ קענער פון פיזיאָלאָגיע. ז. *physiology*

physiol'ogize *v.* (פיז-אי-אַל'-אַ-דזשאַיז) בעטראַכטען אָדער דיסקוטירען לויט דער נאַטור פון די זאַכען.

physiol'ogy *n.* (פיז-אי-אַל'-אַ-דזשי) פיזיאָלאָגיע [די וויסענשאַפט וועגען די פונקציאָנען פון קערפּער פון לעבעדיגע בעשעפעניששען].

physiomed'icalism *n.* (פיז-אי-אַ-מעד'-אי-קעל-איזם) די מעדיצינישע טעאָריע, אַז צום היילען זאָלען געברויכט ווערען בלויז באָטאַנישע מיטלען [ווי גראָזען, פלאַנצען א. ד. ג.], אויסשליסענדיג די גיפטיגע.

physiophilos'ophy *n.* (פיז-אי-אַ-פי-לאַס'-אַ-פי) נאַטור-פילאָזאָפיע.

physios'ophy *n.* (פיז-אי-אַס'-אַ-פי) די מיסטישע לעהרע וועגען די סודות פון דער נאַטור.

physique' *n.* (פי-זיק') דער פיזישער געבוי פון אַ לעבעדיגער בעשעפעניש, בעזונדערס פון אַ מענשען.

He has developed a very fine **physique.**

phys'itheism *n.* (פיז'-אי-טהי-איזם) דאָס צושרייבען צו גאָט פיזישע און קערפּערליכע פאָרמען.

phy'tiform *a.* (פאַי'-טי-פאָרם) וואָס איז עהנליך צו אַ פלאַנצע.

phytiv'orous *a.* (פאַי-טיוו'-אַ-ראַס) וואָס עסט פלאַנצען אָדער גראָז.

phytobiol'ogy *n.* (פאַי-טאַ-באַי-אַל'-אַ-דזשי) דער טייל פון ביאָלאָגיע וואָס פערנעהמט זיך מיט דעם לעבען פון פלאַנצען.

phytochem'ical *a.* (פאַי-טאַ-קעמ'-אי-קעל) וואָס איז שייך צו פלאַנצען-כעמיע.

phytochem'istry *n.* (פאַי-טאַ-קעמ'-איס-טרי) פלאַנצען-כעמיע [די כעמיע פון פלאַנצען].

phytogen'esis *n.* (פאַי-טאַ-דזשען'-ע-סיס) ז. *phytogeny*

phytogenet'ic *a.* (פאַי-טאַ-דזשי-נעט'-איק) פון דער אָבשטאַמונג פון פלאַנצען; וואָס איז שייך צו דער לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון פלאַנצען.

phytogenet'ical *a.* (פאַי-טאַ-דזשי-נעט'-אי-קעל) ז. *phytogenetic*

phytog'eny *n.* (פאַי-טאַדזש'-ע-ני) די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון פלאַנצען.

phytogeograph'ic *a.* (פאַי-טאַ-דזשי-אַ-גרעפ'-איק) וואָס איז שייך צו דער געאָגראַפישער פערשפּרייטונג פון פלאַנצען.

phytogeograph'ical *a.* (פאַי-טאַ-דזשי-אַ-גרעפ'-אי-קעל) ז. *phytogeographic*

phytogeog'raphy *n.* (פאַי-טאַ-דזשי-אַג'-רע-פי) די געאָגראַפישע פאַנאַנדערטיילונג פון פלאַנצען.

phytog'rapher *n.* (פאַי-טאַג'-רע-פער) איינער וואָס בעשרייבט און קלאַסיפיצירט פלאַנצען.

phytograph'ic *a.* (פאַי-טאַ-גרעפ'-איק) וואָס איז שייך צו פלאַנצען-בעשרייבונג.

phytograph'ical *a.* (פאַי-טאַ-גרעפ'-אי-קעל) ז. *phytographic*

phytog'raphy *n.* (פאַי-טאַג'-רע-פי) די וויסענשאַפטליכע בעשרייבונג פון פלאַנצען.

phy'toid *a.* (פאַי'-טאָיד) פלאַנצען-אַרטיג, פלאַנצען-פערמיג.

phy'tolite *n.* (פאַי'-טאַ-לאַיט) אַ פערשטיינערטע פלאַנצע.

phytolithol'ogy *n.* (פאַי-טאַ-לי-טהאַל'-אַ-דזשי) די לעהרע וועגען פערשטיינערטע פלאַנצען.

phytolog'ical *a.* (פאַי-טאַ-לאַדזש'-אי-קעל) באָטאַניש, וואָס איז שייך צו דער לעהרע וועגען פלאַנצען.

phytol'ogist *n.* (פאַי-טאַל'-אַ-דזשיסט) אַ באָטאַניקער, אַ קענער אין דער וויסענשאַפט, וועלכע בעהאַנדעלט פלאַנצען.

phytol'ogy *n.* (פאַי-טאַל'-אַ-דזשי) באָטאַניק, פלאַנצען-לעהרע.

phyton'omy *n.* (פאַי-טאַנ'-אַ-מי) די פיזיאָלאָגיע פון פלאַנצען, די לעהרע און געזעצען וועגען דעם וואוקס פון פלאַנצען.

phytopathol'ogy *n.* (פאַי-טאַ-פּע-טהאַל'-אַ-דזשי) די וויסענשאַפט וועגען פלאַנצען-קראַנקהייטען.

phytoph'agan *a. and n.* (פאַי-טאַפ'-ע-גען) וואָס עסט פלאַנצען; אַ חיה וואָס עסט פלאַנצען.

phytoph'agous *a.* (פאַי-טאַפ'-ע-גאַס) וואָס עסט פלאַנצען, וואָס נעהרט זיך מיט פלאַנצען.

phytoph'agy *n.* (פאַי-טאַפ'-ע-דזשי) די געוועהנהייט אָדער די נאַטור זיך צו נעהרען מיט פלאַנצען.

phyto'sis *n.* (פאַי-טאָ'-סיס) דאָס פערהאַנדען זיין פון פלאַנצען-פּאַראַזיטען אָדער די קראַנקהייט וואָס ווערט דורך זיי פערורזאַכט צו פלאַנצען.

phy'totaxy *n.* (פאַי'-טאַ-טעק-סי) די וויסענשאַפט וועגען דער קלאַסיפיצירונג פון פלאַנצען, סיסטעמאַטישע באָטאַניק.

phytot'omy *n.* (פאַי-טאַט'-אַ-מי) די אַנאַטאָמיע פון פלאַנצען, די צוגליעדערונג פון פלאַנצען.

Phytozo'a *n.* (פאַי-טאַ-זאָ'-אַ) די פלאַנצען-עהנליכע טהיערע [ווי די קאָראַלען, שוואַמען א. ד. ג.].

phytozo'an *a. and n.* (פאַי-טאַ-זאָ'-ען) פלאַנצען-עהנליך [וועגען טהיערע]; אַ פלאַנצען-עהנליך חיה'לע.

phyz *n.* (פיז) ז. *phiz*

pi *n. and v.* (פאַי) דרוק-שריפט וואָס איז צוזאַמענגעוואָרפען און אויסגעמישט אין אונאָרדנונג; צוזאַמענוואָרפען דרוק-שריפט אין אונאָרדנונג.

pi'a *n.* (פאַי'-אַ) ז. *pia mater*

piace'vole *a.* (פיע-טשיי'-וואָ-לע) אין מוזיק — לעבעדיג, זיס-קלינגענד [בעצייכנענד ווי אַזוי אַ געוויסע שטיק דאַרף געשפּיעלט ווערען].

piac'ular *a.* (פאַי-עק'-יו-לאַר) פערגלעטענד אָדער גוט-מאַכענד [אַ זינד]; וואָס איז מכפר; וואָס פאָדערט תשובה אָדער חרטה; זינדיג; פערדאָרבען; פערברעכעריש.

piac'ulous *a.* (פאַי-עק'-יו-לאַס) ז. *piacular*

piaffe' *v.* (פי-עף') באַלאַנסירען מיט די פיס, שטאָלץ טרעטען [וועגען אַ פערד].

piaf'fer *n.* (פי-עפ'-ער) דאָס באַלאַנסירען, דאָס שטאָלץ טרעטען [פון אַ פערד].

pi'al *a.* (פאַי'-על) וואָס איז שייך צום דינעם הייטעל, וואָס בעדעקט דעם מאַרך [פון קאָפּ און פון רוקען].

pi'a ma'ter (פאַי'-אַ מיי'-טער) דאָס דינע הייטעל וואָס בעדעקט דעם מאַרך פון קאָפּ און פון רוקען.

piana'ta *n.* (פי-אַ-נאַ'-טאַ) אַ קליינע מאַשין-פּיאַנאָ, אויף וועלכער מען שפּיעלט אין די גאַסען.

pianette' *n.* (פי-ע-נעט') אַ קליינע פּיאַנאָ.

piangen'do *a.* (פיען-דזשענ'-דאָ) אין מוזיק — קלאָגענד [אַז אָנווייזונג ווי אַזוי צו שפּיעלען אַ געוויסע שטיק].

piani'no *n.* א פיאנינא, (פי-ע-ני'-נאו)
א פיאנא.
pian'ism *n.* דאס שפיעלען (פי-ענ'-איזם)
פיאנא.
pianis'simo *adv.* (פי-ע-ניס'-אי-מאו)
אין מוזיק — זעהר שוואך, זעהר שטיל.
pian'ist *n.* א פיאניסט, (פי-ענ'-איסט)
א קלאוויר⸗שפיעלער.
pia'no *a.* אין מוזיק — שוואך (פיא'-נאו)
אדער שטיל.
pian'o *n.* א פארטעפיאן, (פי-ענ'-או)
א פיאנא.
pian'o-case *n.* דער (פי-ענ'-או-קיים)
הילצערנער קאסטען, אין וועלכען עס גע⸗
פינט זיך דער מעכאניזם פון א פיאנא.
pian'o-cov'er *n.* (פי-ענ'-או-קאווו'-ער)
דאס ציכעל וואס בעדעקט א פיאנא.
pian'oforte *n.* א (פי-ענ'-או-פאורט)
פארטעפיאן.
pian'ograph *n.* (פי-ענ'-א-גרעף)
ז. ***music-recorder***
piano'la *n.* א פיאנא⸗ (פי-ע-נאו'-לא)
לא [א פיאנא וואס קען אויף שפיעלען
אויטאמאטיש].
pian'o-play'er *n.* (פי-ענ'-או-פליי'-
ער) א פיאנא⸗שפיעלער; א פארריכטונג
צו ערמעגליכען פאר א פיאנא צו שפיע⸗
לען אויטאמאטיש.
pian'o-school *n.* (פי-ענ'-או-סקוהל)
א שוהל וואו מען לערענט שפיעלען פיא⸗
נא; א מעטאדע אדער סיסטעם פון שפיע⸗
לען פיאנא; דאס בוך פון אזא מעטאדע
אדער סיסטעם.
pian'o-score *n.* (פי-ענ'-או-סקאור)
געשריבענע אדער געדרוקטע נאטען פאר
זינגען מיט דעם אקאמפאנימענט פון א
פיאנא.
pian'o-stool *n.* א (פי-ענ'-או-סטוהל)
ספעציעלער שטוהל צו זיצען ביים פיאנא
בעת'ן שפיעלען.
pian'o-violin' *n.* (פי-ענ'-או-וואי-א-
לין') ז. ***harmonichord***
pias'saba *n.* (פי-עס'-ע-בא)
ז. ***piassava***
pias'sava *n.* די פיאסא⸗ (פי-עס'-ע-ווא)
ווא [אזא זיד⸗אמעריקאנישע פאלמע, וואס
פון איהרע בלעטער⸗פעדים אדער פאזערען
ווערען געמאכט שטריק און בעזימער];
די פאזערען פון דיעזער פאלמע.

Piassava

pias'ter *n.* א פיאסטער, (פי-עס'-טער)
א טערקישע זילבערנע מטבע וואס האט
דעם ווערטה פון אונגעפעהר 4½ אמערי⸗
קאנער סענט; א שפאנישער דאלאר.
pias'tre *n.* (פי-עס'-טער) ז. ***piaster***
piaz'za *n.* א זיילען⸗גאנג, א (פי-עז'-א)
גאלערעע; א פיאזא, אן אפענער פלאץ
אין א שטאדט ארומגערינגעלט מיט גע⸗
ביידען אדער זיילען.
pib'ble-pab'ble *n.* (פיב'ל-פעב'ל)
פלוידעריי; דברים בטלים.
pi'broch *n.* שאטלענדישע (פי'-בראך)
קריעגס⸗מוזיק.
pi'ca *n.* ציצערא [א זארט (פאי'-קא)
דרוק⸗שריפט פון 12 פונקטען]; א סאראקע
[א מין ראב]; אן אוננארמאלער אפעטיט,
ווען דער מענש עסט אזעלכע זאכען ווי
ליים, קויהלען א. ד. ג.
picador' *n.* א פיקאדאר (פיק-ע-דאור')
[איינער פון די, וואס שטעכען און ריי⸗
צען אויף אן אקס אלס אן אנפאנג פון
אקסען⸗קאמפף אין א צירק].
pic'amar *n.* דער ביטע⸗ (פיק'-ע-מאר)
רער עסענץ פון טער.
pic'ard *n.* א מין שוך מיט (פיק'-ארד)
הויכע קנאפעל, וועלכען מענער פלעגען
טראגען אין אנהויב פון 18טען יאהרהונ⸗
דערט.
picaresque' *a.* וואס (פיק-ע-רעסק')
בעשעפטיגט זיך מיט רויבער, גנבים אדער
אוואנטוריסטען [ווענען ליטעראריישע
ווערק].
picaroon' *n.* א פיראט, (פיק-ע-רוהן')
א ים⸗רויבער; א בעטריגער; אן אוואנ⸗
טוריסט.
picayune' *n. and a.* (פיק-ע-יוהן')
א קליינע מטבע; קליין; נישט ווירדיג.
picayu'nish *a.* (פיק-ע-יוה'-ניש)
קליינליך, אונבעדייטענד, נישט ווירדיג.
pic'cage *n.* דאס געצאהלט (פיק'-עדזש)
וואס וואנדערענדע אקטיארען פלעגען
צאהלען פאר דער ערלויבניש אויפצושטע⸗
לען א ביהנע אויף א מארק אדער יריד.
pic'calilli *n.* א ראסעל (פיק'-ע-ליל-אי)
פון געמישטע גרינסען, ווי אוגערקעס, צי⸗
בעלעס א. ז. וו.
pic'caninny *n.* (פיק'-ע-נינ-אי)
ז. ***pickaninny***
picchetа'to *a.* אין (פיק-קע-טא'-טא)
מוזיק — פיטשעטאטא, אבגעהאקט [ווע⸗
גען די בעוועגונגען פון דעם בויגען אויף
די סטרונעס פון א פידעל אדער פון אן
עהנליכען אינסטרומענט].
pic'colo *n.* דער פיקאלא, (פיק'-א-לאו)
א קליינע פלייט [א מוזיקאלישער אינ⸗
סטרומענט].
pice *n.* א קליינע קופערנע מטבע (פאיס)
אין אסט⸗אינדיען [זי האט דעם ווערטה
פון אונגעפעהר ¾ פון אן אמעריקאנער
סענט].
pi'ceous *a.* פעך⸗שווארץ; (פיש'-יאס)
שווארץ מיט א שוואכער טונקעל⸗רויטער
שאטירונג.
pichicia'go *n.* (פיטש-אי-סי-א'-גאו)
אזא קליינע ארמאדילא אדער פאנצער⸗
טהיער. ז. ***armadillo***
pick *v. and n.* פיקען, אויספי⸗ (פיק)
קען [א לאך]; אויסקלייבען, אויסוועה⸗
לען; אויסטיילען אדער אבטיילען פון
עפעס; אברייסען; ארויסנעהמען עפעס
בגנבה מיט די פינגער; ארויס'גנב'ענען
פון טאש; פאנאנדערטיילען אדער פאנאנ⸗
דערנעהמען עפעס מיט די פינגער אדער
מיט א קליינעם אינסטרומענט; עפענען א
שלאס אהן א שליסעל [מיט א קרוטשעק];
פליקען; רייסען [בלומען א. ז. וו.]; צופען;
קלאפען אויף עפעס מיט א שטאכעל אדער
מיט'ן שנאבעל; טשאמקען ביים עסען,
קייען אהן אפעטיט; לאטכענען עפעס;
אוועק'גנב'ענען; א שפיץ⸗האמער; אן אינ⸗
סטרומענט צו האקען אדער גראבען; א
פיקע, א קירקע; א קרוטשעק צו עפענען
א שלאס אהן א שליסעל; די קוואנטיטעט
פון אבגעשניטענע תבואות, וועלכע מען
קלייבט אויף מיט די הענד אין א געווי⸗
סער צייט; אין דרוקעריי — פסלת אדער
אונריינינקייטען וואס קלייבען זיך אן
אויף דער דרוק⸗שריפט פון די וואלען
נאך'ן דרוקען; דער בעסטער אויסוואהל;
אן אבגעקליבענע זאך.
pick'aback *adv.* טרא⸗ (פיק'-ע-בעק)
גענדיג בארענטשיק; זיצענדיג רייטענד
אויף די פלייצעס אדער אקסלען.
pick acquaint'ance (פיק ע-קהווייגנט'-
ענס) מאכען בעקאנטשאפט.
pick'aninny *n.* אן (פיק'-ע-נינ-אי)
עופה'לע, א קליין קינד [בעזונדערס ביי
די נעגערם].
pick'apack *adv.* (פיק'-ע-פעק)
ז. ***pickaback***
pick a quar'rel (פיק ע קהוואר'-על)
טשעפענען זיך, זוכען מחלוקות.
pick at (פיק עט) נאגען, טאטשען שטענ⸗
דיג מיט שטראף⸗רייד.
She always picks at the child.
pick'ax *n.* (פיק'-עקס) ז. ***pickaxe***
pick'axe *n.* (פיק'-
עקס) א קירקע, א
שפיץ⸗האק.
pick'back *adv.*
(פיק'-בעק) אויף'ן
רוקען; טראגענדיג
בארענטשיק.

Pickaxe

picked *a.* (פיקט)
אויסגעוועהלט, אויס⸗
געקליבען; אבגערי⸗
סען [פרוכט פון
ביימער, בלומען פון שטעקעלעך א. ז. וו.].
pick'ed *a.* נעשפיצט; שטע⸗ (פיק'-עד)
כיג, בעדעקט מיט שטאכלען.
pick'er *n.* איינער וואס קלייבט (פיק'-ער)
עפעס אויף; אין דרוקערייען — אן אר⸗
בייטער וואס נעהמט ארונטער דעם אנגע⸗
קליבענעם שמוץ אויף די דרוק⸗פלאטען
נאך'ן דרוקען; אן אינסטרומענט אדער מא⸗
שין צו רייסען, פאנאנדערטיילען אדער
אבקלייבען; א קעשעניק, א גנב.
pick'erel *n.* א מין העכט. (פיק'-ע-רעל)

Pickerel

pick'eridge *n.* א גע⸗ (פיק'-ע-רידזש)
שוויר אויף'ן רוקען פון פיה.
pick'et *n. and v.* א שפי⸗ (פיק'-עט)
ציגער פלאקען; א שטאקעט; א פעלד⸗
וואך [ביי מיליטער]; א פיקעט, א קליי⸗
נער אטריאד סאלדאטען וואס ווערען
ארויסגעשיקט אויסצוגעפינען די לאגע פון
שונא; א גרופע שטרייקענדע ארבייטער
וואס ווערען ארויסגעשיקט ניט צו דער⸗
לאזען שטרייק⸗ברעכער צו ארבייטען; אן
ארט שטראף, וואס איז בעשטאנען אין
דעם וואס מען פלעגט דעם בעשטראפ⸗
טען שטעלען אויף איין פוס אויף
א שפיצינען שטעקען; ארומצאמען מיט א

שטאקעט; שטעלען אויף דער וואך; צובינדען צו א פלאקען [ווי א פערד].

pick'et-fence' *n.* (פיק'-עט-פענס') א צאם פון פערשפיצטע פלעקער.

pick'et-guard *n.* (פיק'-עט-גארד) די פעלד=וואך [א וואך פון רייטענדע און פוס=סאלדאטען וועלכע דארפען זיין גרייט אין פאל פון א טרעוואגע].

pick fault (פיק פאהלט) זוכען חסרונות, טשעפען זיך צו קליינינקייטען.

pick'ing *n.* (פיק'-אינג) דאס פיקען; דאס פליקען, דאס צופען; דאס אויסקלייבען, דאס אויסוועהלען; די פערענדערונג פון געוועבטען שטאף דערמיט, וואס מען רייניגט עס אב פון די קניפלעך; דאס גנב'ענען, דאס לאטכענען; דאס ארעבנעהמען די אנגעקליבענע שמוץ פון דרוק=פלאטען; א גוט דורכגעברענטער ציעגעל.

pick'ings *n.* (פיק'-אינגז) זאכען וואס מען קען אויפקלייבען אדער אויסקלייבען; צוריבענע מושלען פון אויסטערס, וועלכע מען בענוצט אין מאכען א שפאציער=וועג אדער אלעע.

pick'le *n. and v.* (פיקל) ראסעל; זאלץ=וואסער; גרינסען [אוגערקעס, ציבעלעס א. ד. ג.] איינגעזייערטע אין עסיג; א זויערע אוגערקע; אן ארומגעצאמט שטיק לאנד; אן אונאנגענעהמע לאגע, א פערלעגענהייט; א ווילדער יונג, א קונדס, אן אונרוהיג קינד; איינזאלצען, איינזייערען אין עסיג, מארינירען.

pick'le-cured *a.* (פיק'ל-קיורד) איינגעזאלצען, איינגעזייערט, מארינירט.

pickled *a.* (פיקלד) איינגעזייערט אין עסיג.

pick'led cu'cumbers (פיקלד קיו'-קאמ-בערז) זויערע אוגערקעס.

pick'led rogue (פיקלד ראוג) א ביטערער יונג, א חברה=מאן, א באנדיט.

pick'le-her'ring *n.* (פיק'ל-הער'-אינג) א מארינירטער הערינג.

pick'le-manufac'turer *n.* (פיק'ל-מענ-יו-פעק'-טשור-ער) א פערלעגער פון שלעכט אויסגעשטאטעטע ווערק.

pick'le pic'tures (פיקל פיק'-טשורז) נאכמאכען אלטע בילדער און פערקויפען זיי אלס אריגינעלע.

pick'ling-tub *n.* (פיק'-לינג-טאב) א מאריניר=פאס, א ראסעל=פאס.

pick'lock *n.* (פיק'-לאק) א נאכגעמאכטער שליסעל פון א גנב; א קרוטשיק צו עפענען שלעסער; א גנב וואס ברעכט אויף שלעסער; די בעסטע אויסגעקליבענע וואל.

pick'man *n.* (פיק'-מען) איינער וואס ארבייט מיט א קירקע אדער מיט א שפיץ=האמער.

pick'maw *n.* (פיק'-מאה) די שווארצקעפיגע אדער לאכענדע מעווע. ז. *gull*

pick'-me-up *n.* (פיק'-מי-אפ) אן אויפרעגענדער געטראנק.

pick'mire *n.* (פיק'-מאיר) ז. *pickmaw*

pick off (פיק אף) ציעלען זיך אויף איינעצען און טויטען אדער פערוואונדען איהם.

pick one's way (פיק הוואנז הוויי) אויסקלייבען דעם וועג, געהן זעהר פארזיכטיג.

pick out (פיק אוט) אויסשניידען, אויסהאקען, אויסרייסען: אויסגעפינען, ארויסנעהמען: אויסוועהלען, אויסקלייבען.

pick'pack *adv.* (פיק'-פעק) ז. *pickaback*

pick'penny *n.* (פיק'-פענ-אי) א קארגער יונג.

pick'pocket *n.* (פיק'-פאק-עט) א קעשעניק, א קעשענע=גנב, א בייטעל=שניידער; א מין ווילדעס מיסט=גראז מיט ווייסע בליטהען.

pick pock'ets (פיק פאק'-עטס) גנב'ענען פון די קעשענעס.

pick'-poin'ted *a.* (פיק'-פאינ'-טעד) וואס האט א שפיץ ווי פון א קירקע [וועגען געוויסע האמערס און העק].

pick'purse *n.* (פיק'-פוירס) ז. *pickpocket*

pick'rell *n.* (פיק'-רעל) ז. *pickerel*

pick straws (פיק סטראהז) קלייבען שטרוי, אומזיסט בעמיהען זיך.

pick up (פיק אפ) אויפהויבען א זאך; זיך ערהויבען, אננעהמען זיך מיט מוטה: אויפקלייבען; פאנאנדערקלייבען איינציגווייז [ווי ביי פאנאנדערקעמען האר אדער פלאקס].

pick up informa'tion (פיק אפ אינ-פאר-מיי'-שאן) ערווערבען ידיעות אדער קענטניסע; אנזאמלען ביסלעכווייז אדער ביי געלעגענהייטען אינפארמאציאנען אדער קענטניסע.

pick'wick *n.* (פיק'-הוויק) אן אינסטרומענט אבצוקנייפען אנגעברענטע קנויטען פון די אלטפרענקישע נאכט=לאמפען; א שלעכטער ציגאר.

Pickwick'ian *a.* (פיק-הוויק'-אי-ען) וואס איז עהנליך צו פיקוויק'ען [דער העלד פון דיקענס'עס ראמאן "פיקוויק'ס פאפיערען"].

Pickwick'ian sense (פיק-הוויק'-אי-ען סענס) נים קיין ריכטיגע, נאר א קינסטליך געדרעהטע, אויסגע'פשטל'טע בעדייטונג פון ווארט.

pic'nic *n. and v.* (פיק'-ניק) א פיקניק, א מאיאוקע [אן ארויספאהר פון א קאמפאניע מענשען אונטער דער שטאדט צו פערברייננגען אויף דער פרייער לופט]; א גוט שטיקעל צייט; עטוואס וואס עס קומט אן לייכט; ארויספאהרען אויף א פיקניק.

pic'nicker *n.* (פיק'-ניק-ער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א פיקניק. ז. *picnic*

pic'nic par'ty (פיק'-ניק פאר'-טי) א פיקניק=געזעלשאפט, א קאמפאניע וואס פאהרט ארויס צו אונטערהאלטען זיך אויף דער פרייער לופט.

picotee' *n.* (פיק-א-טיע') א מין גארטען=נעלקע. ז. *carnation*

pic'ric *a.* (פיק'-ריק) וואס איז שייך צו פיקרין [א ביטערער כעמישער שטאף].

pic'ric ac'id (פיק'-ריק עס'-איד) פיקרין=זויערע [א כעמישער שטאף וואס ווערט געברויכט צו פארבען וואל אדער זייד אין א געלבען קאליר].

pic'rin *n.* (פיק'-רין) דאס פיקרין [א ביטערער כעמישער שטאף].

pic'rolite *n.* (פיק'-רא-לאיט) דער פיקראליט [א מין גרינער מינעראל].

pic'romel *n.* (פיק'-רא-מעל) א ביטערער שטאף וואס בעקומט זיך פון גאל.

picros'mine *n.* (פיק-ראס'-מין) דער פיקראסמין [א מינעראל וואס לאזט פון זיך ארויס א ביטערען גערוך ווען מען בענעצט איהם].

Pict *n.* (פיקט) די פיקטען, א פארצייטיג קעלטיש פאלק אין קאלעדאניען [שאטלאנד], וואס פלעגט אפט אנפאלען אויף די רוימישע פראווינצען אין ענגלאנד.

Pic'tish *a.* (פיק'-טיש) פיקטיש, וואס איז שייך צו די פארצייטיגע פיקטען. ז. *Pict*

pic'tograph *n.* (פיק'-טא-גרעף) סימבאלישע אדער היעראגליפישע צייכנונגען וואס בעצייכנען א געוויסען געדאנק אדער אידעע. ז. *hieroglyph*

pictograph'ic *a.* (פיק-טא-גרעפ'-איק) בעצייכנענד געוויסע געדאנקען אדער אידעען מיט סימבאלען אדער היעראגליפישע צייכענס.

pictog'raphy *n.* (פיק-טאג'-רע-פי) דאס בעצייכנען געדאנקען און אידעען מיט סימבאלישע אדער היעראגליפישע צייכענס.

picto'rial *a.* (פיק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו בילדער אדער צייכנונגען; מאלעריש, בילדעריש; מיט בילדער, מיט אילוסטראציאנען.

picto'rially *adv.* (פיק-טאו'-רי-על-אי) אויף א מאלערישען, בילדערישען אדער אילוסטרירטען שטייגער.

pictor'ic *a.* (פיק-טאר'-איק) ז. *pictorial*

pictor'ical *a.* (פיק-טאר'-אי-קעל) ז. *pictorial*

pic'turable *a.* (פיק'-טשו-רעבל) וואס קען געמאלט ווערען, וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין א בילד.

pic'tural *a.* (פיק'-טשו-רעל) וואס איז שייך צו בילדער; וואס איז פארגעשטעלט דורך בילדער.

pic'ture *n. and v.* (פיק'-טשור) א בילד, אן אויסגעמאלטע זאך; א פארשטעלונג; א פארטרעט; פארשטעלען אין א בילד; מאלען; שילדערען.

pic'ture-book *n.* (פיק'-טשור-בוק) א בילדער=בוך; אן אילוסטרירטעס בוך.

pic'ture-dea'ler *n.* (פיק'-טשור-דיע'-לער) א בילדער=הענדלער.

pic'ture-draw'er *n.* (פיק'-טשור-דראה'-ער) א מאלער.

pic'ture-draw'ing *n.* (פיק'-טשור-דראה'-אינג) בילדער=מאלעריי.

pic'ture-frame *n.* (פיק'-טשור-פריים) א בילד=ראהם.

pic'ture-gal'lery *n.* (פיק'-טשור-געל'-ע-רי) א בילדער=גאלערעע, א בילדער=זאאל.

pic'ture-room *n.* (פיק'-טשור-רוהם) ז. *picture-gallery*

picturesque' *a.* (פיק-טשו-רעסק') מאלעריש, בילדעריש=שעהן, רייצענד, ראמאנטיש.

picturesque'ly *adv.* (פיק-טשו-רעסק'-לי) אויף א מאלערישען, שעהנעם, אנציהענדען אופן.

picturesque'ness *n.* (פיק-טשו-רעסק'-נעס) דאס זיין בילדעריש=שעהן; דאס זיין מאלעריש, אנציהענד.

pic'ture-wri'ting *n.* (פיק'-טשור-ראי'-טינג) דאס פארשטעלען געדאנקען און אידעען דורך בילדער און סימבאלישע צייכנונגען.

pic'ulet *n.* (פיק'-יו-לעט) א מין האלץ=פיקער [אזא פויגעל].

pid'dle *v.* (פידל) זיך בעשעפטיגען מיט קליינינקייטען; לאזען אורין, פישען [א קינדישער אויסדרוק].

pid'dler *n.* (פיד'-לער) איינער וואס גיט זיך אב מיט קליינינקייטען.

pid'dling *a.* (פיד'-לינג) וואס גיט זיך אב מיט קליינינקייטען; קליין, אונבעדייטענד.

Pidg'in-Eng'lish *n.* (פידזשי'-אינ-

אינג'-ליש) אן ענגלישער זשארגאן וואס איז צוזאמענגעמישט מיט כינעזישע, פארטוגעזישע און מאלאאישע ווערטער. ווערט געברויכט אין די פארטען און האנדעלסשטעדט פון כינא און וויטען מזרח.

pie *n.* (פאי) א פאשטעט [א טייג⸗געבעק געפילט מיט פרוכט]; טארט; א סאראקע, א קראהע [א מין פויגעל]; צומישטע דרוק⸗שריפט; די קלענסטע קופערנע מטבע אין ענגליש⸗אינדיען.

pie'bald *a.* (פאי'-באהלד) פערשיעדען⸗פארביג [ווענען דעם קאליר פון א פערד]; אויסגעמישט, פערשיעדענארטיג; פון פערשיעדענע מינים.

piece *n. and v.* (פיעס) א שטיק, א שטיקעל; אן אבגעבראכענער טייל, א ברעקעל; אן אבטיילונג; א מוסטער, א בילד פון עפעס; א מטבע; א בוקס; אן ארטיסטיש אדער ליטעראריש ווערק; א בעזונדער שטיקעל ארבייט; א שטיק לאנד; א פעשקע [אין שאך אדער דאמקעס⸗שפיעל]; פעראייניגען, צוזאמענבינדען; גאנץ מאכען; פערלאטען; פעררירכטען.

piece'-bro'ker *n.* (פיעס'-בראו'-קער) איינער וואס קויפט אויף ביי שניידער די רעשטלעך און אבפאל⸗שטיקלעך פון געוואנד.

pieced *a.* (פיעסט) פערלאטעט, גאנץ געמאכט; פעררירכט.

pièce de résistance' (פיעים דע ריי-זיס-טאנס') דאס וויכטיגסטע שטיק, די הויפטזאך פון עפעס.

piece'-dyed *a.* (פיעס'-דאיד) געפארבט אין שטיק [ווענען צייג, וועלכען מען האט געפארבט שוין נאך'ן וועבען].

piece'-goods *n.* (פיעס'-גודז) שטיק⸗וואארע [צייג, וועלכע מען פערקויפט אין גאנצע געוועבטע שטיקער, ניט אבשניידענדיג פון זיי].

piece in (פיעס אין) איינזעצען, איינפאסען.

piece'less *a.* (פיעס'-לעס) ניט געמאכט פון בעזונדערע שטיקער; גאנץ, פון איין שטיק.

piece'meal *a. and adv.* (פיעס'-מיעל) אין שטיקער; פון בעזונדערע טיילען; שטיקלעכווייז, ביסלעכווייז; שטופענווייז.

piece of eight (פיעס אוו אייט) דער שפאנישער דאלאר [ענטהאלט 8 רעאלען].

piece out (פיעס אוט) אויסבילדען אדער פערלענגערען עפעס, צוגעבענדיג א שטיק צו א שטיק.

They found it hard to **piece out** the garment.

pie'cer *n.* (פיע'-סער) אין א שפין⸗פאבריק — א אינגעל אדער מיידעל, וואס בינדט צונויף די פאנאנדערגעריסענע פאדים.

piece up (פיעס אפ) אויסלאטען, פעררירכטען עפעס; אויסבילדען עפעס פון צונויפגעלעגטע שטיקלעך.

peice'-work *n.* (פיעס'-הוואירק) שטיק⸗ארבייט.

piece'-wor'ker *n.* (פיעס'-הוואיר'-קער) א שטיק⸗ארבייטער [אן ארבייטער וואס בעקומט זיינע שכירות ניט פון טאג אדער וואך, נאר פון שטיק].

pie'-crust *n.* (פאי'-קראסט) די אויבערשטע פערהארטעוועטע קארקע [סקארינקע] פון א פאשטעט.

pied *a.* (פאיד) פערשיעדען⸗פארביג, פערשיעדען⸗פארביג געפלעקט; געפלעקט.

pied'-fort' *n.* (פיעי'-פאהר') א פורעם אדער מאדעל פון א מטבע וואס איז דיקער ווי די געוועהנליכע מטבעות פון דעמזעלבען מין, וועלכע זיינען אין געברויך.

Piedmontese' *a. and n.* (פיעד-מאנ-טיעז') פיעמאנטעזיש, וואס איז שייך צו פיעמאנט [א געגענד אין איטאליען]; וואס איז שייך צו א געגענד ביי בערג; א פיעמאנטעזער.

pied'ness *n.* (פאיד'-נעס) פערשיעדען⸗פארביגקייט; געפלעקטקייט.

piedouche' *n.* (פיעי-דוהש') א לייסט, אן אונטערלאגס⸗שטיצע אין א וואנד אדער פעדעסטאל פאר א ביוסט, פאר אן ארנאמענט א. ז. וו.

piedroit' *n.* (פיעי-דרוא') אין ארכיטעקטור — א פיער⸗קאנטיגע קאלאנע אין פראנט פון א וואנד, וואס האט ניט אונטער זיך קיין פעדעסטאל.

pie'-finch *n.* (פאי'-פינטש) דער בוכפינק, זיאבליק [אזא זינג⸗פויגעל]. ז. *chaffinch*.

pie'-mag (פאי'-מעג) אן עלסטער, א סאראקע. ז. *magpie*.

pie'man *n.* (פאי'-מען) א בעקער אדער הענדלער פון פאשטעטען אדער פרוכט⸗קוכענס.

pie'-nan'ny *n.* (פאי'-נענ'-אי) אן עלסטער, א סאראקע. ז. *magpie*.

pie'-plant *n.* (פאי'-פלענט) גארטען⸗רעבארבער [א מין זיסע פלאנצע וואס מען געברויכט אין פאשטעט]. ז. *rhubarb*.

pie'poudre *n.* (פאי'-פאו-דער) ז. *piepowder*.

pie'powder *n.* (פאי'-פאו-דער) א פארצייטיגער מארק אדער יאריד⸗געריכט אין ענגלאנד [בלויז פאר קלאגען וואס האבען געהאט א שייכות מיט'ן יאריד].

pie'powdered *a.* (פאי'-פאו-דערד) מיט פערשטויבטע פיס.

pier *n.* (פיער) א האפען⸗וואנד, א האפען⸗דאמבע, א לאנדונגס⸗פלאץ; א זייל, א סלופ [אויף וועלכען מען הייגנט אויף א טהיר, א שטיץ⸗זייל ביי א בריק א. ז. וו.]; א פעררירכטונג פעסטצוהאלטען פיזיקאלישע אינסטרומענטען [אין לאבאראטאריעס און אבזערוואטאריעס]; א טייל פון א וואנד צווישען צוויי טהירען אדער צוויי פענסטער.

pier'age *n.* (פיער'-איידזש) דאס⸗געלד, האפען⸗געלד [אבצאהל פאר'ן רעכט זיך צו בענוצען מיט א האפען⸗דאמבע אדער לאנדונגס⸗פלאץ].

pierce *v.* (פיערס) 1. דורכשטעכען; דורכבויערען, דורכדרינגען; איינדרינגען; 2. דורכנעהמען, ריהרען, ארויסרופען געוויסע געפיהלען.

2. His speech **pierced** the heart of all who heard him.

pier'ceable *a.* (פיער'-סעבל) דורכדרינגליך, וואס קען דורכגעדרונגען ווערען אדער דורכגעשטאכען ווערען; וואס קען געריהרט ווערען [פון געפיהלען].

pierced *a.* (פיערסט) דורכגעשטאכען, דורכגעדרונגען; געלעכערט; געריהרט [פון געפיהלען].

pierced work (פיערסט הוואירק) בעפוצונגען אדער ארנאמענטען וואס דער מוסטער איז געמאכט אין אויסגעשטאכענע לעכלעך.

pier'cel *n.* (פיער'-סעל) א פעסעל⸗בויערער [אן אינסטרומענט צו מאכען לעכער אין פעסלעך].

pier'cer *n.* (פיער'-סער) אן איינדרינגער; א דורכבויערער, איינער וואס שטעכט דורך אדער בויערט דורך; אן אינסטרומענט צו בויערען אדער דורכשטעכען; א בויערער, א דריל; דער שטאכעל ביי אינזעקטען.

pier'cing *n. and a.* (פיער'-סינג) 1. דורכדרינגונג, דורכשטעכונג; דאס אויסזעגען א מוסטער אדער אוזאר אין מעטאל; 2. דורכשטעכענד; 3. דורכדרינגענד; שארף; 4. ריהרענד.

3. Piercing eyes. 4. A piercing cry.

pier'cingly *adv.* (פיער'-סינג-לי) שארף, דורכדרינגענד.

pier'cingness *n.* (פיער'-סינג-נעס) דורכדרינגליכקייט, שארפקייט.

pier'cing-saw *n.* (פיער'-סינג-סאה) א גאלדשמיעד⸗זעגעל געברויכט ביים אויסזעגען מוסטערען אדער אוזארען אין גאלד און זילבער.

pier'-glass *n.* (פיער'-גלעס) א טריומא, א שפיעגעל וואס פערנעהמט די גאנצע וואנד צווישען צוויי פענסטער.

pie'-rhu'barb *n.* (פאי'-רוה'-בארב) גארטען⸗רעבארבער. ז. *rhubarb*.

pier'-ta'ble *n.* (פיער'-טיי'בל) א טיש וואס שטעהט צווישען צוויי פענסטער.

pi'et *n.* (פאי'-עט) אן עלסטער, א סאראקע. ז. *magpie*.

Pi'etism *n.* (פאי'-ע-טיזם) פיעטיזם [די רעליגיעזע בעוועגונג פון 17טען יאהרהונדערט אין דייטשלאנד געגען דעם דאגמאטיזם פון דער לוטעראנישער קירך. די שטרעבונג פון די פיעטיסטען איז געווען אריינצוברייגנען אין דער קירך מעהר לעבען, אויפהויבונג פון רעליגיעזען געפיהל און גאטספארכטיגקייט וואס קומט פון הארצען].

pi'etism *n.* (פאי'-ע-טיזם) פיעטיזם, פרומקייט, גאטספארכטיגקייט; צביעות, כלומר'שדיגע פרומקייט.

Pi'etist *n.* (פאי'-ע-טיסט) א פיעטיסט. ז. *Pietism*.

pi'etist *n.* (פאי'-ע-טיסט) א פיעטיסט, א פרומער, א גאטספארכטיגער.

Pietis'tic *a.* (פאי-ע-טיס'-טיק) פיעטיסטיש. ז. *Pietism*.

pietis'tic *a.* (פאי-ע-טיס'-טיק) פיעטיסטיש, פרום, גאטספארכטיג.

Pietis'tical *a.* (פאי-ע-טיס'-טי-קעל) ז. *Pietistic*.

pietis'tical *a.* (פאי-ע-טיס'-טי-קעל) ז. *pietistic*.

pi'ety *n.* (פאי'-ע-טי) 1. פיעטעט, פרומקייט, גאטספארכטיגקייט: 2. איבערגעבענהיים, ליעבע [צו עלטערען, צום פאטערלאנד א. ד. ג.]

2. Filial **piety** is a natural virtue.

piezom'eter *n.* (פאי-ע-זאמ'-ע-טער) א פליסיגקייטס⸗דרוק⸗מעסטער [אן אפאראט צו מעסטען אויף וויפיעל פערשיעדענע פליסיגקייטען קענען איינגעפרעסט ווערען]

pif'fero *n.* (פיפ'-ע-ראו) א מוזיקאלישער אינסטרומענט עהנליך צו א פלייט וואס ווערט געברויכט אין געוויסע געגענדען אין איטאליען און טיראל.

pif'fle *v. and n.* (פיפל) טהאן עפעס פויל, פוילענצען: ריידען נארישקייטען; נארישקייטען; פלוידעריי.

All this talk is **piffle**.

pif'fler *n.* (פיפ'-לער) איינער וואס פערברייננגט די צייט אין נארישקייטען; א פלוידערער.

pif'fling *a.* (פיפ'-לינג) אונוויכטיג; נאריש.

pig *n. and v.* (פיג) א חזיר [הויפטזעכליך א יונגער]; חזיר⸗פלייש; א בלאק, א שטיק מעטאל; א געוויכט פאר בליי

[פון 301 פונט]; געבעהרעז חזירים'לעך;
לעבעז אדער האנדלעז ווי חזירים.

pig'-deer *n.* (פיג'-דיער) דער האר-
שווייז, דער ווילדער אסט-אינדישער חזיר.
ז. *horned hog*.

pig'eon *n. and v.* (פידזש'-אַן) א טויב;
א נאר; א תם, איינער וועמען עס איז
לייכט צו בעשווינדלען; אבנארעז, בע-
שווינדלען [הויפטזעכליך אין אזארטנע
שפיעלען].

pig'eon-breast *n.* (פידזש'-אַן-ברעסט)
א ברוסט פון א טויב; א טויבען-ברוסט
[אוננארמאל ארויסגעבויגענע ברוסט-ביי-
נער].

pig'eon-breas'ted *a.* (פידזש'-אַן-
ברעס'-טעד) מיט אוננארמאל-ארויסגעבוי-
גענע ברוסט-ביינער.

Pig'eon-Eng'lish *n.* (פידזש'-אַן-
אינג'-ליש) ז. *Pidgin-English*.

pig'eon-express' *n.* (פידזש'-אַן-
ערס פרעס') א טויבען-פאסט [בריעף גע-
שיקט דורך טויבען].

pig'eon-fan'cier *n.* (פידזש'-אַן-פענ'-
סי-ער) א טויבען-ציכטער, איינער וואס
האלט אדער האדעוועט טויבען.

pig'eonfoot *n.* (פידזש'-אַן-פוט) גערא-
ניום [א מין בלום].

pig'eon-goose *n.* (פידזש'-אַן-גוהס)
אזא אויסטראלישע גאנז.

pig'eon-hawk *n.* (פידזש'-אַן-האהק)
אזא קליינער פאלק-פויגעל [סארא].

pig'eon-hear'ted *a.* (פידזש'-אַן-האר'-
טעד) ישרעקעדיג.

pig'eonhole *n. and v.* (פידזש'-אַן-
האול) 1. אן עפנונג אין א טויבען-שטי-
pista'cio *n.* (פיס-טיי'-שיאו) ז. *pistachio*.

pis'tacite *n.* (פיס'-טע-סאיט) ז. *epidote*.

pistareen' *n.* (פיס-טע-ריען') דער פיסטאריין [אן אלטע שפאנישע מטבע, וואס האט געהאט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 20 סענט].

pis'tazite *n.* (פיס'-טע-זאיט) ז. *epidote*.

piste *n.* (פיסט) די שפורען פון א פערד'ס קאפיטעס.

pis'til *n.* (פיס'-טיל) דער פיסטיל, דער טייל פון א בלום, וועלכער בילדעט אוים דעם ווייבליכען געשלעכטס־ארגאן ביי א פלאנצע [דער פיסטיל בעשטעהט געוועהנליך פון עטליכע צוזאמענגעוואקסענע בלעטלעך — דער פרוכט־בייטעל — מיט א רעהרעל, וואס ענדיגט זיך מיט א ברייטליכער עפנונג].

Pistil

pistilla'ceous *a.* (פיס-טי-ליי'-שיאס) אין באטאניק — וואס איז שייך צום פיסטיל. ז. *pistil*.

pis'tillary *a.* (פיס'-טי-לע רי) ז. *pistillaceous*.

pis'tillate *a.* (פיס'-טי-לייט) אין באטאניק — וואס האט א פיסטיל אדער דעם ווייבליכען געשלעכטס־ארגאן [ביי א פלאנצע].

pistillif'erous *a.* (פיס-טי-ליפ'-ע-ראס) ז. *pistillate*.

pis'tilline *a.* (פיס'-טי-לין) אין באטאניק — וואס איז שייך צום פיסטיל [דער ווייבליכער געשלעכטס־ארגאן פון א פלאנצע].

pis'tol *n.* and *v.* (פיס'-טאל) א פיסטאלעט, א רעוואלווער; שיסען מיט א רעוואלווער.

pistolade' *v.* (פיס-טא-לייד') א שאס פון א רעוואלווער אדער פיסטאלעט.

pistole' *n.* (פיס-טאול') א פיסטאלע [א שפאנישע גאלדענע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 4 אמעריקאנישע דאלאר].

pistoleer' *n.* (פיס-טא-ליער') איינער וואס שיסט פון א פיסטאלעט; א סאלדאט בעוואפענט מיט א פיסטאלעט.

pis'tolet *n.* (פיס'-טא-לעט) א קליינער פיסטאלעט.

pis'tol-shaped *a.* (פיס'-טאל-שייפט) וואס האט די פארם פון א פיסטאלעט אדער רעוואלווער.

pis'tol-shot *n.* (פיס'-טאל-שאט) דער שאס פון א רעוואלווער; דער מרחק וויפיעל עס קען דורכלויפען די קויל פון א רעוואלווער; איינער וואס שיסט מיט א רעוואלווער.

pis'ton *n.* (פיס'-טאן) דער קאלבען [דאס צילינדער־פערמיגע שטיק וואס בעוועגט זיך אין צילינדער פון א דאמפף־מאשין אדער פון א פומפ]; אין מוזיקאלישע בלאז־אינסטרומענטען — א ווענטיל אדער קלאפע וואס ווערט ארייגעשטעלט אין אינסטרומענט, כדי צו ענדערען די הויכקייט אדער שטארקייט פון טאן.



P. Piston

pis'ton-head *n.* (פיס'-טאן-העד) דער קאלבען־קאפ, דער קאלבען. ז. *piston*.

pis'ton-pack'ing *n.* (פיס'-טאן-פעק'-אינג) דאס מאטעריאל [ווי רינגען פון קופער אדער פון ווייכע אייזען], מיט וועלכע מען לעגט ארום דעם קאלבען אום ער זאל זיין פעסט צוגעפאסט צו די ווענטלעך פון צילינדער.

pis'ton-pump *n.* (פיס'-טאן-פאמפ) א פומפ וואס בעשטעהט פון א רעהר, אין וועלכער עס בעוועגט זיך א קאלבען.

pis'ton-rod *n.* (פיס'-טאן-ראד) דער קאלבען־שטאנג [דער שטאנג וואס איז בעפעסטיגט צום קאלבען]. ז. *piston*.

pit *n.* and *v.* (פיט) א גרוב, א הויהל; א טיעפעניש, א פערטיעפונג; דער קבר; די שאול תחתיה, דער גיהנום; דער קאמפף־פלאץ אין העהנער־געפעכט; דער הינטערשטער טייל פון פארטער [אין אן ענגלישען טעאטער]; א פערטיעפונג אין קערפער; שטופלען אדער גריבעלעך אויף'ן פנים [פון פאקען־קראנקהייט]; דאס ביינדעל פון א פרוכט [ווי פון א קארש, פלוים א. ד. ג.]; ארייגלעגען אדער ארייגווארפען אין א גרוב; ווערען געשטופעלט; מאכען געשטופעלט; שטופלען דאס פנים [ווי פון פאקען]; איינריכטען דעם קאמפף אדער קאמפף־פלאץ [ווי אין א העהנער־קאמפף].

pi'ta *n.* (פי'-טא) דער אמעריקאנער אלאען־בוים; א מין פלאקס אדער פעדים פון די בלעטער פון דיעזען בוים [ווערט געברויכט צו מאכען שטריק, קאנאטען א. ד. ג.].

pit against' (פיט ע-גענסט') זיך איצעצען אנטקעגען שטעלען [אין א קאמפף].

The oriental nations will not dare to pit themselves against Europe.

pit and gal'lows (פיט ענד געל'-אוז) אין מיטעלאלטער — די פריווילעגיע וואס א קעניג פלעגט געבען צו א באראן צו בעשטראפען א גנב מיט'ן טויט [א מאנספערזאן — הענגען אויף דער תליה און א פרויענצימער — דערטרינקען אין א גרוב מיט וואסער].

pit'apat *n.*, *a.*, *v.* and *adv.* (פיט'-ע-פעט) דאס פלאטערען, דאס שנעלע קלאפען פון עפעס; א הארץ־קלאפעניש; ציטערענד, שנעל קלאפענד; פלאטערען, שנעל קלאפען; פלאטערענדיג, ציטערענדיג.

She was very excited; her heart was going pitapat.

pit'-box *n.* (פיט'-באקס) די פארטער־לאזשע, איינע פון די אונטערשטע לאזשען [אין א טעאטער].

pitch *v.* and *n.* (פיטש) ווארפען, שלייַדערען; איינעם עפעס צוואווארפען; ארייגשלאגען אדער ארייגשטעקען עפעס אין דער ערד [ווי ביים ארייגשלאגען א פלעקעל צו בעפעסטיגען עפעס]; שטעלען אין ארדנונג, איינריכטען; איינשטעלען דעם טאנארט פון א מוזיק־שטיק; אנגעבען דעם טאן [אין מוזיק]; אין בייסבאל־שפיעל — ווארפען דעם באל צום אבקלאפער; ארונטפאלען אין דער נידער; געהן אדער פליהען אין דער ריכטונג ארונטער; אבשטעלען זיך אויף עפעס, אויסקלייבען; שוואנקען, זיך וויעגען, הויבען זיך ארויף און אראב [ווי א שיף אין ים]; אבזעצען זיך; לאגערען; בעשמירען אדער בעגיסען מיט פעך; פעכען; דער פלוג, דער העכסטער אדער טיעפסטער פונקט, צו וועלכען א זאך דערגעהט ביים פליהען אין דער הויך אדער ביים ארונטערלאזען זיך אונטען; דער עקסטרעמער פונקט; דער פונקט, וואו א געווארפענע זאך הויבט זיך אן אראבצובויגען בארג־אראב; אין א געביידע — די משופע'דיגקייט פון דאך; אין מעכאניק — די שטייגונג פון א שרויפען־גאנג [דאס שטיק וואס א שרויף דרעהט זיך ארייין אדער דרעהט זיך ארויס דורך איין אומדרעהונג]; די שטרעקע צווישען די צענטערען פון די צייהנער אין א צאהן־ראד; אין מוזיק — די טאן־שטופע [די הויכקייט אדער טיעפקייט פון א טאן]; דער טאנארט; אין בייסבאל־שפיעל — דער ווארף פון באל; די הויכקייט ביז וועלכער א פאלק־פויגעל אדער סאקאל הויבט זיך אויף און. פון וועלכער ער פאלט ארונטער אויף זיין רויב; פעך, סמאלע.

pitch a camp (פיטש ע קעמפ) אויפשטעלען א לאגער.

pitch and hus'tle (פיטש ענד האסל) אזא שפיעל, ביי וועלכען מען פיקט מטבעות.

pitch and pay (פיטש ענד פיי) צאהלען גלייך אויף'ן ארט; צאהלען במזומנים.

pitch'-and-toss' *n.* (פיטש'-ענד-טאס') א מין שפיעל, וואו די שפיעלער ווארפען מטבעות צו א געוויסען אנגעצייכענטען פונקט.

pitch a tent (פיטש ע טענט) אויפשטעלען א געצעלט [ווי אין לאגער].

pitch'-black *a.* (פיטש'-בלעק) פעך־שווארץ, שווארץ ווי פעך.

pitch'-blende *n.* (פיטש'-בלענד) פעך־בלענדע אדער אוראניום־פעך־ערץ [א מין מעטאל וואס געפינט זיך אין פעכיג־שווארצע ערד־מאסען].

pitch'-board *n.* (פיטש'-באורד) א פאר־ריכטונג צו בעשטימען די אויסבויגונג פון טרעפ.

pitch'-boat *n.* (פיטש'-באוט) א שיפעל, אויף וועלכען מען שמעלצט פעך אויסצופעכען א גרויסע שיף.

pitch but'tons (פיטש באטנז) שפיעלען אין גריבלעך מיט קנעפלעך.

pitch'-chain *n.* (פיטש'-טשיין) א ראד־קייט, א קייט פון מעטאלענע פלאטען צו בעוועגען א ראד.

pitch'-coal *n.* (פיטש'-קאול) דער גאגאט אדער שווארצער בורשטין [א הארטער גלאנציגער שטיין־קויהל, פון וועלכען מען מאכט בראסלעטען, אויעררינגלעך, בראשען א. ד. ג.].

pitch'-dark *a.* (פיטש'-דארק) שטאק־פינסטער.

pitched *a.* (פיטשט) אלץ צוגעגרייט פון פריהער, פלאנמעסיג, לויט'ן רעגעל; משופע'דיג; גענייגט בארג־אראב.

pitched bat'tle (פיטשט בעטל) א שלאכט, וואו די סאלדאטען פון די פיינדליכע ארמעען שטויסען זיך צונויף אין א האנד־געפעכט.

The enemy was routed in a pitched battle.

pitched roof (פיטשט רוהף) א משופע'דיגער דאך.

pitched work (פיטשט הוואירק) א וואנד פון ניט געטעסעטע שטיינער וואס ווערען געלעגט ניט אין א געוויסער ארדנונג, נאר אזוי אז זיי זאלען זיך בלויז צונויפפאסען.

pitch'er *n.* (פיטש'-ער) א קרוג; אין באל־שפיעל — דער באל־ווארפער; איינער וואס ווארפט היי אויף א וואגען.

pitch'er-mold *n.* (פיטש'-ער-מאולד) א מין פורעם, פון וועלכען מען גיסט אויס זעהר דעליקאטע ליימענע כלים. ז. *pitcher-molding*.

pitch'er-mol'ding *n.* (פיטש' ער-מאול'-דינג) דאס גיסען אין א קרוג־פורעם [דאס מאכען דעליקאטע פאיאנס־כלים דערמיט, וואס מען גיסט ארייין שי־

טערע ליים אין פורעם און מען גיסט עס אויס צוריק. פון דיעזער אפעראציאן, וועלכע ווערט איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, בלייבט אויף די ווענטלעך פון פורעם א דינער שיכט פון ליים. דיעזער שיכט נעהמט זיך אראב און ער טריקענט זיך אויס].

pitch'er-plant *n.* (פיטש'-ער-פלענט) די קרוג=פלאנצע [א פלאנצע, ביי וועלכער די בלעטער וויקלען זיך צונויף אין דער פארם פון א קרוג]. ז. *Nepenthes*

Pitcher-plant

pitch'er's box (פיטש'-ערז באקס) אין באל=שפיעל — דאס פלאץ, וואו עס שטעהט דער באל=ווארפער.

pitch'ers have ears (פיטש'-ערז העוו איערז) ווענד האבען אויערען, אימעצער קען נאך אונטערהערען.

pitch'er-vase *n.* (פיטש'-ער-וויים) א קרוג=עהנליכע וואזע.

pitch'-far'thing *n.* (פיטש'-פאר'-טהינג) ז. *chuck-farthing*

pitch'fork *n. and v.* (פיטש'-פאהרק) א היי=גאפעל, א ווילע; א קאמערטאן; ווארפען היי מיט א היי=גאפעל אדער ווילע; אנווארפען, צוזאמענווארפען אין א קופע; א שליידער טהאן, א ווארף טהאן.

pitch in (פיטש אין) זיך אנהויבען; ענערגיש א נעהם טהאן צו עפעס.
Let us all **pitch in** and finish the job.

pitch'iness *n.* (פיטש'-אי-נעס) דאס זיין פעך=שווארץ; שווארצקייט; טיעפע דונקעלקייט.

pitch'ing *n.* (פיטש'-אינג) דאס ווארפען, דאס שליידערען; דאס אויסלעגען א ברעג מיט שטיינער, כדי דאס וואסער זאל איהם ניט אונטערשווינקען; אין ביער=ברויערייען — דאס צוגעבען ביער=הייוועז צו פרישען ניט געאיהרטען ביער.

pitch'ing-machine' *n.* (פיטש'-אינג-מע-שין') א מאשין וואס ווערט געברויכט אין ביער=ברויערייען אויסצופעכען פון אינווענינ די פעסער.

pitch'ing-pence *n.* (פיטש'-אינג-פענס) מארק=געלד, אבצאהל פאר דעם רעכט צו האנדלען אין מארק [אין ענגלאנד].

pitch'ing-piece *n.* (פיטש'-אינג-פיעס) דער טרעפען=ריעגעל [דער באלקען אויף וועלכען די טרעפ זיינען בעפעסטיגט].

pitch'ing-sta'ble *n.* (פיטש'-אינג-סטיי'בל) א מין גראניט=שטיין [ווערט געברויכט צום ברוקירען].

pitch'ing-tem'perature *n.* (פיטש'-אינג-טעמ'-פער-ע-טשור) די טעמפעראטור פון ניט=געאיהרטען ביער, ווען מען גיט צו איהם צו הייוועז.

pitch in'to (פיטש אינ'-טו) 1. אטאקירען אין א דעבאטע; 2. אנפאלען אויף אימעצען; אנברעכען די ביינער.
1. The debaters **pitched into** the argument.
2. The gangster **pitched into** the stranger.

pitch'-ket'tle *n.* (פיטש'-קעט'ל) ז. *pitch-pot*

pitch'-la'dle *n.* (פיטש'-ליידל) א פעך=לעפעל [א לעפעל צום שעפען צולאזענע פעך].

pitch on (פיטש אן) זיך אויף אימעצען ארויפווארפען.

pitch'-ore *n.* (פיטש'-אור) ז. *pitch-blende*

pitch'-pine *n.* (פיטש'-פאין) די פעך=פיכטע, די פעך=טאנע [א זעהר פעכיגער זארט סאסנע אדער עגלע].

Pitch-pine

pitch'-pipe *n.* (פיטש'-פאיפ) אין מוזיק — א קליין פייפעל, מיט וועלכען מען גיט אן דעם טאן.

pitch'-plas'ter *n.* (פיטש'-פלעס'-טער) פעך=פלאסטער.

pitch'-pol'isher *n.* (פיטש'-פאל'-איש-ער) אן אינסטרומענט צו שלייפען געבויגענע פלעכען [ווי למשל, לינזען].

pitch'-pot *n.* (פיטש'-פאט) א פעך=טאפ [א טאפ צום קאכען פעך אדער סמאלע].

pitch'stone *n.* (פיטש'-סטאון) פעך=שטיין [א מין פערהארטעוועטער שווארצער שטיין וואס איז עהנליך צו פעך].

pitch'-tree *n.* (פיטש'-טריע) ז. *kauri*

pitch up (פיטש אפ) ווארפען אין דער הויך.

pitch'-wheel *n.* (פיטש'-הוויעל) איינער פון צוויי צאהן=רעדער, וועלכע ארבייטען צוזאמען.

pitch'-work *n.* (פיטש'-הוואירק) ארבייט אין א מעטאל=גרוב אונטער דער בעדינגונג, אז די ארבייטער קריעגען א טייל פון דער פראדוקציאן אנשטאט א בעשטימטען לוין.

pitch'y *a.* (פיטש'-אי) פעך=פעכיג; שווארץ, דונקעל; איינגעשמירט אין פעך.

pit'-coal *n.* (פיט'-קאול) שטיין=קויהל.

pit'eous *a.* (פיט'-אי-אס) וואס רופט ארויס רחמנות; וואס פערדיענט מיטלייד; ערבארמליך; קלעגליך; ארעמזעליג.

pit'eously *adv.* (פיט'-אי-אס-לי) ארויסרופענדיג רחמנות; פערדיענענדיג מיטלייד; יאמערליך, ערבארמליך; קלעגליך; ארעמזעליג.

pit'eousness *n.* (פיט'-אי-אס-נעס) דאס זיין ארעמזעליג אדער קלעגליך; דאס האבען מיטלייד אדער רחמנות.

pit'fall *n.* (פיט'-פאהל) א פאל=גרוב [א פערדעקטע גרוב וואס ווערט געמאכט אז חיות זאלען אין איהר ארייננפאלען אום זיי צו פאנגען]; א בעהאלטענע געפאהר.

pith *n.* (פיטה) דאס הארץ פון פלאנצען; דער אינווענינסטער קערן פון א האר; דאס הערצעל פון א פעדער; דער רוקען=מארך; דער קערן, דער עיקר; דער תוך, דער קווינטעסענץ; קראפט; ענערגיע; מאכט; וויכטיגקייט.

pith'ily *adv.* (פיטה'-אי-לי) אויף א קרעפטיגען אופן; מיט קראפט, מיט מאכט; ענערגיש.

pith'iness *n.* (פיטה'-אי-נעס) שטארקייט, קרעפטיגקייט; מאכט, ענערגיע.

pith'less *a.* (פיטה'-לעס) קראפטלאז; שוואך.

pit'hole *n.* (פיט'-האול) א גריבעל; א גריבעל וואס בלייבט פון א פאק.

pith'os *n.* (פיטה'-אס) אזא גרויסע הויכע ליימענע וואזע אין אלט=גריכענלאנד, וועלכע פלעגט בענוצט ווערען צו האלטען תבואה, וויין א. ז. וו. און אויך צו בעגראבען אין איהר א טויטען.

pith'some *a.* (פיטה'-סאם) שטארק, קרעפטיג.

pith'-work *n.* (פיטה'-הוואירק) זאכען געמאכט פון דעם הארץ פון געוויסע ביימער.

pith'y *a.* (פיטה'-אי) 1. מארכיג; קרעפטיג, שטארק; ענערגיש; אינהאלטסרייך, קורץ און שארף; 2. וואס בעשטעהט פון דעם הארץ=שטאף פון פלאנצען.
1. As a public speaker he is noted for his many **pithy** sayings.

pit'iable *a.* (פיט'-אי-עבל) בעדויערנס=ווערטה; מיטליידסווערטה; יאמערליך, ערבארמליך.
The sight of the beggars was **pitiable**.

pit'iableness *n.* (פיט'-אי-עבל-נעס) ערבארמליכקייט, א רחמנות'דיגער אדער בעדויערנסווערטהער צושטאנד.

pit'iably *adv.* (פיט'-אי-ע-בלי) אויף א בעדויערנסווערטהען אופן; מיטליידס=ווערטה.

pit'ier *n.* (פיט'-אי-ער) איינער וואס האט מיטלייד.

pit'iful *a.* (פיט'-אי-פול) מיטליידספאל; יאמערליך, קלעגליך, ערבארמליך; ארעמזעליג; עלענד.

pit'ifully *adv.* (פיט'-אי-פול-אי) דערוועקענדיג מיטלייד אדער בעדויערען; מיט מיטלייד, מיט בעדויערען; יאמערליך, קלעגליך; ארעמזעליג; עלענד.

pit'ifulness *n.* (פיט'-אי-פול-נעס) ערבארמליכקייט; יאמערליקייט; קלעגליכקייט; א בעדויערנסווערטהער צושטאנד.

pit'iless *a.* (פיט'-אי-לעס) אהן מיטלייד, אונבארמהערציג, אהן רחמנות; וואס דערוועקט ניט קיין מיטלייד.

pit'ilessly *adv.* (פיט'-אי-לעס-לי) ניט דערוועקענדיג קיין מיטלייד; אונבארמהערציג.

pit'ilessness *n.* (פיט'-אי-לעס-נעס) אונבארמהערציגקייט; מיטליידסלאזיגקייט; דאס ניט קענען דערוועקען קיין מיטלייד.

pit'man *n.* (פיט'-מען) א גרובען=ארבייטער [אן ארבייטער וואס טהוט אן ארבייט אין א שאכטע]; אין מעכאניק — א פערבינדונגס=שטאנג צו איבערגעבען אדער צו איבערנעהמען א בעוועגונג.

pit'man-coup'ling *n.* (פיט'-מען-

קאפ'-לינג) די פערבינדונגס=פארריכטונג פון א פערבינדונגס=שטאנג מיט דעם טייל פון דער מאשין צו וועלכען ער גיט איבער אדער פון וועלכען ער נעהמט איבער די בעוועגונג.

pit'man-press *n.* (פיט'-מען-פרעס) א פרעס וואס ווערט בעטריבען דורך א פערבינדונגס=שטאנג אנשטאט דורך אן עקסצענטריק.

pit'pan *n.* (פיט'-פען) אזא גאנץ לאנגעס, שמאלעס און פלאכעס שיפעל מיט שפיציגע ענדען [אין צענטראל=אמעריקא].

pit'pat *adv. and n.* (פיט'-פעט) דאס פלאטערען, דאס שנעלע קלאפען פון עפעס, א הארץ=קלאפעניש; פלאטערענדיג, ציטערענדיג, שנעל קלאפענדיג [ווי דאס הארץ, למשל].

pit'-saw *n.* (פיט'-סאה) א שראט=זעג [אזא לאנגע זעג, וועלכע ווערט בענוצט צו זעגען קלעצער. עס זעגען מיט איהר צוויי ארבייטער, איינער שטעהט איבער'ן קלאץ און ציהט די זעג ארויף און דער אנדערער שטעהט אונטער'ן קלאץ און ציהט די זעג אראב. אפט ווערט דאס זעגען איינגעריכטעט איבער א גרוב און דער ארבייטער וואס ציהט די זעג אראב שטעהט אין גרוב].

Pit-saw

pit'-saw'er *n.* (פיט'-סאה'-ער) דער גרובען=זעגער [דער זעגער וואס שטעהט אונטער'ן קלאץ]. ז. *pit-saw*

pit'tacal *n.* (פיט'-ע-קעל) אזא בלויער שטאף וואס ווערט בענוצט אלס פארב [ווערט פראדוצירט פון דעם טער פון א געוויסען בוים].

pit'tance *n.* (פיט'-ענס) א פארציע [שפייז]; א חלק; א קליינער טייל; א קליינע נדבה [פון געלד, שפייז א. ד. ג.].

pit'tancer *n.* (פיט'-ענ-סער) דער שפייז=מייסטער אין א קלויסטער וועלכער טיילט אוים שפייז=פארציעס אדער נדבות צו ארימע אין געוויסע בעשטימטע ימים טובים.

pit'ted *a.* (פיט'-עד) געשטופעלט [ווי פון פאקען]; מיט גריבלעך.

pit'ter *n.* (פיט'-ער) איינער וואס נעהמט ארוים די ביינדלעך [קערלעך] פון פרוכטען; א מאשין ארויסצונעהמען די ביינדלעך פון פלוימען, פערסיקעס און ענליכע פרוכטען.

pit'ting *n.* (פיט'-אינג) דאס גראבען אדער מאכען א גרוב; דאס ארייננלעגען אין א גראב; א גריבעל [ווי פון פאקען]; א רייהה גריבעלעך אדער פאקען=סמנים; דאס בעדעקט ווערען מיט גריבעלעך און פערטיעפונגען [ווי למשל, דער דעק פון א שיף אדער דער אינוועניגסטער טייל פון א דאמפף=קעסעל].

pitui'ta *n.* (פיט-יו-אי'-טא) שליים, ליחה.

pit'uitary *a.* (פיט'-יו-אי-טע-רי) וואס גיט ארוים שליים אדער ליחה; שליימיג.

pit'uite *n.* (פיט'-יו-איט) ז. *pituita*

pitui'tous *a.* (פיט-יו-אי'-טאס) ז. *pituitary*

pit'-vi'per *n.* (פיט'-וואי'-פער) אזא גיפטיגע שלאנג [ווערט אזוי גערופען ווייל זי האט א גריבעל צווישען די אויגען און נאז]; א שלאנג פון דעם מין קלאפער=שלאנגען [ז. *rattlesnake*].

pit'-wood *n.* (פיט'-הוואוד) האלץ וואס ווערט בענוצט אין גרובען, שאכטען א. ד. ג.

pit'-work *n.* (פיט'-הוואירק) די פומפען=סיסטעם מיט די געהעריגע פערבינדונגס=שטאנגען אין א שאכטע אדער מינע.

pit'y *n. and v.* (פיט'-אי) 1. מיטלייד, רחמנות; 2. עטוואס וואס רופט ארויס בעדויערען, א שאד; 3. האבען מיטלייד.
2. It is a **pity** you could not meet me at the appointed time.

pit'yingly *adv.* (פיט'-אי-אינג-לי) ארויסווייזענדיג מיטלייד.

pityri'asis *n.* (פיט-אי-ראי'-ע-סיס) אזא הויט=קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט שיילט זיך אין קלייען=פערמיגע שופען.

pit'yroid *a.* (פיט'-אי-ראיד) ווי קלייען, קלייען=פערמיג.

piv'ot *n. and v.* (פיוו'-אט) א צאפען, א שטיפט, אן אקס ארום וועלכען עטוואס דרעהט זיך; דער פונקט ארום וועלכען דער גאנצער ענין דרעהט זיך; דער פונקט פון וועלכען אלעס העננט אב; אין מיליטער=מושטירונג — דער אפיציער אדער סאלדאט ארום וועלכען עס דרעהט זיך א ליניע סאלדאטען; ארויפשטעלען אויף א צאפען אדער שטיפט; זיך דרעהען ארום א צאפען אדער שטיפט.

piv'otal *a.* (פיוו'-אט-על) ארום וואס עס דרעהט זיך; פון וואס דער גאנצער ענין העננט אב.
In American politics, New York is the **pivotal** state.

piv'otally *adv.* (פיוו'-אט-על-אי) מיט דער הילף פון א צאפען אדער שטיפט.

piv'ot-gun *n.* (פיוו'-אט-גאן) א האר=מאט אויף אזא ראהם=שטענדער דורך וועלכען מען קען איהם דרעהען אין פערשיעדענע ריכטונגען.

piv'oting *n.* (פיוו'-אט-אינג) דאס ארייןשטעלען א שטיפט=צאהן [א קינסטליכער צאהן אדער צאהן=קרוינדעל מיט א שטיפט, וועלכער ווערט ארייננעשטעלט אין דעם ווארצעל פון דעם נאטירליכען צאהן].

piv'ot-man *n.* (פיוו'-אט-מען) אין מיליטער=מושטירונג — דער אפיציער אדער סאלדאט ארום וועלכען עס דרעהט זיך א גאנצע ליניע סאלדאטען.

piv'ot-tooth *n.* (פיוו'-אט-טוהטה) א שטיפט=צאהן. ז. *pivoting*

pix'y *n.* (פיק'-סי) א פעע [איינע פון די איבערנאטירליכע וועזענס אין פרויען=געשטאלטען, וועלכע — לויט דעם גלויבען פון די פאלקס=מאסען — טאנצען ביי נאכט אין די פעלדער און די וועלדער].

pix'y-led *a.* (פיק'-סי-לעד) פערפיהרט פון פעען [איבערנאטירליכע פאנטאסטישע בעשעפענישען אין פרויען=געשטאלט]; צוטומעלט, צומישט.

pix'y-stool *n.* (פיק'-סי-סטוהל) א שוועמעל.

pizzica'to *a.* (פיט-סי-קא'-טא) פיטשיקאטא [דאס פיקען מיט די פינגער איבער די סטרונעס פון שטרייך=אינסטרומענטען].

piz'zle *n.* (פיזל) דאס מענליכע געשלעכטס=גליעד ביי חיות.

pk. אן אבקירצונג פון *peck* אדער פון *park*

pkg. אן אבקירצונג פון *package*

pl. אן אבקירצונג פון *plural*

placabil'ity *n.* (פליי-קע-ביל'-אי-טי) פערגעבליכקייט, די נאטור זיך צו לאזען לייכט איבערבעטען.

pla'cable *a.* (פליי'-קעבל) וואס קען לייכט איבערגעבעטען ווערען.

pla'cableness *n.* (פליי'-קעבל-נעס) ז. *placability*

pla'cably *adv.* (פליי'-קע-בלי) פערגעבליך, פערצייהליך; לאזענדיג זיך לייכט איבערבעטען.

plac'ard *n. and v.* (פלעק'-ארד) א פלאקאט, אן אפישע; א יארליק; אויסהענגען פלאקאטען; לאזען וויסען דורך אפישען.

pla'cate *v.* (פליי'-קייט) איבערבעטען, בערוהיגען; "פערשטאפען דאס מויל".
It was all but impossible to **placate** him.

placa'tion *n.* (פלע-קיי'-שאן) איבערבעטונג; עטוואס וואס רופט ארוים מחילה אדער פערצייהונג.

place *n. and v.* (פליים) א פלאץ, אן ארט; רוים; לאגע, וואהנארט; א פריצישער הויף; א פעסטונג; א שטעלע; אן אמט; געזעלשאפטליכע שטעלונג; דאס זיין פראמינענטער, העכער אין ראנג אדער וויכטיגקייט; גרונד, אורזאכע; גיבען א פלאץ, שטעלען, לעגען, זעצען; אויסשטעלען אין ארדנונג; גיבען א שטעלע אדער בעשעפטיגונג; איינלעגען [געלד אין א געשעפט].

place'bo *n.* (פלע-סיע'-באו) א רפואה וואס מען גיט דעם חולה ניט צו היילען נאר צו בערוהיגען איהם; א תפלה פאר די טויטע [ביי די קאטויליקען].

place'-brick *n.* (פליים'-בריק) א ניט גוט דורכגעברענטער ציגעל.

place'-bro'ker *n.* (פליים'-בראו'-קער) איינער וואס האנדעלט מיט קהל'שע עמטער, איינער וואס ציהט פערזענליכע נוצען פון אויסטיילען קהל'שע עמטער.

place'-hol'der *n.* (פליים'-האול'-דער) א בעאמטער; אן אנגעשטעלטער.

place'-hun'ter *n.* (פליים'-האנ'-טער) איינער וואס יאגט זיך נאך קהל'שע שטעלען.

place'less *a.* (פליים'-לעס) אהן א שטעלע, אהן אן אמט.

place'man *n.* (פליים'-מען) א בעאמטער; א רעגירונגס=בעאמטער; אן אנגעשטעלטער.

place'monger *n.* (פליים'-מאנ-גער) ז. *place-broker*

place'-name *n.* (פליים'-ניים) א נאמען פון אן ארט, פלאץ אדער געגנעד.

placen'ta *n.* (פליי-סענ'-טא) די פלאצענטא [דער ארט, די איינהילונג, אין וועלכער דאס קינד געפינט זיך אין דער מוטער'ס בויך און וועלכע געהט ארויס נאך דער געבורט; דאס הייטעל, אין וועלכען עס געפינען זיך די קערנדלעך פון א פלאנצע].

placen'tal *a. and n.* (פלע-סענ'-טעל) וואס איז שייך צו דער פלאצענטא אדער צום ארט; וואס קומט פון דער פלאצענטא אדער פארמירט די פלאצענטא; וואס האט א פלאצענטא; א בעשעפעניש מיט א פלאצענטא. ז. *placenta*

placenta'lian *n. and a.* (פלעס-ענ-טיי'-לי-ען) א בעשעפעניש וואס פערמאגט א פלאצענטא; וואס איז שייך צו אזא בעשעפעניש. ז. *placenta*

plac'entary *a. and n.* (פלעס'-ענ-טע-רי) וואס איז שייך צו דער פלאצענטא אדער צום ארט; וואס איז שייך צו די בעשעפענישען וואס האבען פלאצענטאס; א בעשעפעניש וואס האט א פלאצענטא; אין באטאניק — א פלאצענטא מיט פיעל קערנדלעך. ז. *placenta*

placenti'tis *n.* (פּלעס-ענ-טאי'-טיס) ענטצינדונג פון דער פּלאצענטא [ארט]. ז. *placenta*.

pla'cer *n.* (פּליי'-סער) איינער וואס שטעלט, לעגט אדער זעצט; דאס ארט וואו מען וואשט גאלד-שטיינער.

pla'cet *n.* (פּליי'-סעט) א סאנקציע, אן ערלויבניס, אן אבשטימונג אין דער פערוואלטונג פון אן אוניווערזיטעט; א שטימע אויף יא.

plac'id *a.* (פּלעס'-איד) רוהיג, געלאסען, מילד, זאנפט.

Her placid features attracted us.

placid'ity *n.* (פּלע-סיד'-אי-טי) רוהיגקייט, געלאסענקייט, מילדקייט, זאנפטקייט.

plac'idly *adv.* (פּלעס'-איד-לי) מיט רוהיגקייט אדער געלאסענקייט; אויף א מילדען, זאנפטען אופן.

plac'idness *n.* (פּלעס'-איד-נעס) ז. *placidity*.

plack *n.* (פּלעק) א פּארצייטיגע קליינע קופּערנע שאטלענדישע מטבע [אונגעפעהר צוויי-דריטעל פון אן אמעריקאנישען סענט].

plack'et *n.* (פּלעק'-עט) דער אויבערשטער שפּאלט פון א פרויען-קלייד [דער ראספּאר]; אן אונטער-ראק, א ספּאדניצע; א פרוי.

plack'et-hole *n.* (פּלעק'-עט-האול) דער אויבערשטער שפּאלט אין א פרויען-קלייד, דער ראספּאר.

plac'oderm *a. and n.* (פּלעק'-א-דוירם) ז. *placoid*.

plac'oid *a. and n.* (פּלעק'-איד) עהנליך צו א פּלאטע אדער ברעטעל [בנוגע צו די שופּען פון געוויסע פיש, ווי למשל, האי-פיש]; וואס האט פּלאטען-עהנליכע שופּען [וועגען פיש]; א פיש מיט פּלאטען-עהנליכע שופּען [לוסקעס].

pladaro'ma *n.* (פּלעד-ע-ראו'-מא) ז. *pladarosis*.

pladaro'sis *n.* (פּלעד-ע-ראו'-סיס) אן אנוואוקס, א בארעדעווקע אויף'ן אויגען-לעדעל.

pladaro'tis *n.* (פּלעד-ע-ראו'-טיס) ז. *pladarosis*.

plafond' *n.* (פּלע-פאנד') דער פּלאפאנד [א געמאלטע סטעליע].

pla'ga *n.* (פּליי'-גא) — א אין זאלאגיע פארב-שטרייף.

pla'gate *a.* (פּליי'-גייט) געשטרייפט.

pla'giarise *v.* (פּליי'-דזשי-ע-ראיז) ז. *plagiarize*.

pla'giarism *n.* (פּליי'-דזשי-ע-ריזם) פּלאגיאט, ליטעראריש גנבה, דאס אויסגעבען פאר אייגענע פרעמדע ליטעראריש אדער קונסט-ווערק, דאס בענוצען זיך מיט פרעמדע געדאנקען פאר ליטעראריש און קונסט-ווערק.

pla'giarist *n.* (פּליי'-דזשי-ע-ריסט) א פּלאגיאטאר, א געדאנקען-גנב, א ליטעראַרישער גנב, איינער וואס גיט ארויס פרעמדע ליטעראַרישע און קונסט-ווערק אלס אייגענע אדער בענוצט זיך מיט פרעמדע געדאנקען פאר אזעלכע ווערק.

pla'giarize *v.* (פּליי'-דזשי-ע-ראיז) בעגעהן א פּלאגיאט אדער ליטעראַרישע גנבה. ז. *plagiarism*.

pla'giary *n. and a.* (פּליי'-דזשי-ע-רי) א פּלאגיאטאר; וואס בעגעהט א פּלאגיאט. ז. *plagiarism*.

plagihe'dral *a.* (פּליי-דזשי-הי'-דרעל) מיט א שיעפער פלעכע [וועגען קריסטאלען].

pla'gionite *n.* (פּליי'-דזשי-א-נאיט) דער פּלאגיאניט [א שוועבעל-פערבינדונג פון אנטימאן און בליי].

pla'giostome *n.* (פּליי'-דזשי-א-סטאום) א געוויסער מין פיש, ביי וועלכע דאס מויל איז ברייט און אביסעל קרום [ווי די פערשיעדענע זארטען האי-פיש].

pla'gium *n.* (פּליי'-דזשי-אם) דאס גנב'ענען מענשען.

plague *n. and v.* (פּלייג) א פּלאג; א פעסט, א מגפה; אנשטעקען מיט פעסט; פּלאגען, קוועלען, פּייניגען.

plague'-boil *n.* (פּלייג'-באיל) ז. *plague-sore*.

plague'-mark *n.* (פּלייג'-מארק) ז. *plague-spot*.

pla'guer *n.* (פּליי'-גער) א פּלאגער, א פּייניגער, א קוועלער.

plague'-sore *n.* (פּלייג'-סאור) א פעסט-געשוויר, אן אויסשלאג אויף דעם לייב וואס קומט פון א מגפה-קראנקהייט אדער סתם פון א מיאוס'ער, אנשטעקענדער קראנקהייט.

plague'-spot *n.* (פּלייג'-ספּאט) א פעסט-פלעק, א צייכען אויף'ן לייב וואס קומט פון א מגפה-קראנקהייט אדער סתם פון אן אנשטעקענדער, מיאוס'ער קראנקהייט; א טייל פון קערפּער וואס איז הויפּטזעכליך אנגעשטעקט מיט א מיאוס'ער, אנשטעקענדער קראנקהייט.

plague upon' you (פּלייג א-פּאן' יו) א כאלעריע! א מגפה אויף אייך! א פּלאג אויף אייך!

pla'guily *adv.* (פּליי'-גי-לי) פּלאגענדיג; קוועלענדיג, פּייניגענדיג; אונגעהויער, זעהר; שרעקליך.

pla'guy *a. and adv.* (פּליי'-גי) פּלאגענד, קוועלענד, פּייניגענד; אונגעהייער, שרעקליך, פערפלוכט.

plaice *n.* (פּליים) דער פּלאטוס אדער פּלאטעסע [א מין ברייטער פּלאטשיגער ים-פיש וואס געפינט זיך ארום ענגלאנד. ז. איל.]; א פּלאנדערקע, א פּלאך-פיש.



Plaice

plaid *n. and a.* (פּלייד) א פּלעד, א מין שאטלענדישער געקעסטעלטער מאנטעל אדער שאל וואס ווערט געטראגען אלס מאנטעל; א רייזע-דעקע; א געקעסטעלטער וואלען-שטאף; א געקעסטעלטער מוסטער אדער אוזאר; געקעסטעלט [הויפּטזעכליך וועגען געוועבטע שטאפען].

plaid'ed *a.* (פּלייד'-עד) וואס טראגט א פּלעד; געמאכט פון דעם שטאף פון וועלכען מען מאכט געוועהנליך שאטלענדישע פּלעדען; געקעסטעלט [וועגען געוועבטע שטאפען]. ז. *plaid*.

plaid'en *n.* (פּלייד'-ען) ז. *plaiding*.

plaid'ing *n.* (פּלייד'-אינג) דאס צייג פון א פּלעד; אזא פּלאנעל-ארטיגעס וואל-צייג; א געקעסטעלטער מוסטער אדער אוזאר. ז. *plaid*.

plain *a., adv., n. and v.* (פּליין) גלייך, גלאט, גראד, פּלאך; פּשוט; אפען, אפענהערציג, אהן חכמות, אהן המצאות; קלאר, דייטליך; געוועהנליך; איינפאך; אהן קאלירען, אהן מוסטערען, אהן צאצקעס, אהן בעפוצונגען; א פּלעכע; א פּלאך שטיק לאנד; א שלאכטפעלד; א פּלאץ ארומגערינגעלט מיט הייזער; מאכען קלאר און דייטליך, ערקלערען; בעווייגען, בעקלאגען; טרויערען.

plai'nant *n.* (פּליי'-נענט) ז. *plaintiff*.

plain as a pike'staff (פּליין עז ע פּאיק'-סטעף) גאנץ פּשוט, קלאר ווי דער טאג.

plain'backs *n.* (פּליינ'-בעקס) באמבאזין-שטאף [אזא לייכטער וואלענער אדער זיידענער שטאף].

plain'-chant *n.* (פּליינ'-טשענט) ז. *plain-song*.

plain clothes (פּליין קלאוטהז) ציוויל-קליידער [ניט קיין אוניפארם-קליידער].

plain clothes man (פּליין קלאוטהז מען) א פּאליציי-בעאמטער וואס געהט אנגעטהאן אין ציוויל-קליידער [ניט אין אן אוניפארם].

plain'-dea'ler *n.* (פּליינ'-דיע'-לער) אן אפענהערציגער אדער עהרליכער מענש.

plain'-dea'ling *a. and n.* (פּליינ'-דיע'-לינג) אפען, אפענהערציג, עהרליך; אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט.

plain Eng'lish (פּליין אינג'-ליש) קלארע דבורים, דייטליך.

plain'-hear'ted *a.* (פּליינ'-האר'-טעד) אפענהערציג, אויפריכטיג.

plain'-hear'tedness *n.* (פּליינ'-האר'-טעד-נעס) אפענהערציגקייט, אויפריכטיגקייט.

plai'ning *n.* (פּליי'-נינג) טרויער, יאמער, געוויין.

plain'ly *adv.* (פּליינ'-לי) פּשוט; איינפאך; אהן צאצקעס, אהן בעפוצונגען; דייטליך, קלאר; אפענהערציג, אויפריכטיג.

plain'ness *n.* (פּליינ'-נעס) גלייכקייט, גראדקייט, פּלאכקייט [פון אן ארט]; איינפאכקייט; פּשוט'קייט; דייטליכקייט.

plain sail'ing (פּליין סייל'-אינג) א לייכטע, אונגעשטערטע רייזע אויף'ן וואסער; דאס געהן גוט און אונגעשטערט [אין וועלכער ניט איז אונטערנעהמונג].

plain'-song *n.* (פּליינ'-סאהנג) דער גרעגאריאנישער קירכען-געזאנג, אן איינפאכער איין-טאניגער געזאנג, ווי אין די קריסטליכע קירכען אין די אלטע צייטען; קלארע, אפענע דבורים.

plain'-spea'king *n.* (פּליינ'-ספּיע'-קינג) אויפריכטיגקייט און אפענהערציגקייט פון רעדען; אן אויפריכטיגע, אפענהערציגע רעדע.

plain'-spo'ken *a.* (פּליינ'-ספּאו'קן) וואס איז ארויסגעזאגט געווארען אויפריכטיג אדער אפענהערציג.

plaint *n.* (פּליינט) א געריכטליכע קלאגע; דאס בעקלאגען זיך, דאס קלאגען; א טרויעריגער אדער ערנסטער געזאנג.

plaint'ful *a.* (פּליינט'-פול) קלאגענד, זיך קלאגענד; אנקלאגענד.

plain'tiff *n.* (פּליינ'-טיף) א קלעגער, אן אנקלאגער.

plain'tive *a.* (פּליינ'-טיוו) קלאגענד; יאמערענד; טרויעריג.

plain'tively *adv.* (פּליינ'-טיוו-לי) אויף א קלאגענדען אדער יאמערענדען אופן; טרויעריג, קלעגליך.

plain'tiveness *n.* (פּליינ'-טיוו-נעס) קלעגליכקייט, קומער, טרויער, יאמער.

plaint'less *a.* (פּליינט'-לעס) קלאגלאז, אהן קלאג.

plain truth (פליין טרוהטה) דער ריינער אמת.

plain'-work *n.* (פליינ'-הוואירק) דאס איינפאכע גענעה [אין געגענזאץ צו שטיקעריי].

plait *n. and v.* (פלייט) א פאלב, א פאלט, א פלעכט, א צאפ; פאלבען, מאכען פאלטען; פלעכטען; פילצעווען.

plai'ted *a.* (פליי'-טעד) 1. געפאלבט, געפאלטעוועט; מיט פעלבלעך; 2. געפלאכטען.

1. He bought a shirt with a plaited bosom.

plai'ter *n.* (פליי'-טער) א פאלבען=מאכער; א געצייג צו מאכען פאלבען [פאלטען]; א פלעכטער.

plai'ting *n.* (פליי'-טינג) דאס מאכען פאלבען [פאלטען]; פלעכט=ארבייט; אין היט=פאבריקאציאן — דאס פילצעווען.

plai'ting-machine' *n.* (פליי'-טינג-מע-שין') א פאלב=מאשין, א מאשין צו מאכען פאלבען [פאלטען] אין צייג.

plan *n. and v.* (פלען) א פלאן, א פראיעקט; א פלאן=צייכנונג, א גרונד=ריס צייכנונג [א צייכנונג וואס ווערט געמאכט פון א געביידע, פון א מאשין א. ד. ג. אין א האריזאנטאלען שניט, ד. ה. אין דער לאגע ווי מען קוקט פון אויבען]; מאכען א פלאן; פראיעקטירען; צייכנען א פלאן; פלאנעווען.

pla'nar *a.* (פליי'-נאר) פלאך; וואס געפינט זיך אויף א פלעכע.

pla'nary *a.* (פליי'-נע-רי) ז. *planar*.

pla'nate *a.* (פליי'-נייט) פלאך, איינגעפלעטשט [וועגען אינזעקטען].

planch *n.* (פלענטש) אזא פלאכע פאר=קאווע פאר א מויל=עזעל; א געברענטע ציעגעל=פלאטע וואס ווערט בענוצט אונטערצוהיצען ליימענע כלים, ווען זיי ווערען געברענט אין אויווען און עמאלירט.

plan'chet *n.* (פלענ'-טשעט) א מינץ=פלאטע [א שטיקעל מעטאל וואס איז פערפערטיגט אויסצוקלאפען דערפון א מטבע].

planchette' *n.* (פלענ-טשעט') א ווינ=קעל=מעסטער [ז. *circumferentor*]; א פלאנקע, א ברעט; אזא קליין ברעטעל אויף פיסלעך מיט רעדלעך, צו וועלכען עס איז בעפעסטיגט א בליישטיפט, וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען פון די ספיריטיסטען. מען האט געגלויבט, אז ווען איינער אדער מעהרערע פערזאנען לעגען לייכט ארויף זייערע פינגער אויף'ן ברעטעל, פאנגט עס זיך אן בעוועגען און דער בליישטיפט פערשרייבט ווערטער און זעצע אונאבהענגיג פון דעם ווילען פון די פערזאנען, וועלכע האלטען זייערע פינגער אויף'ן ברעטעל.

plane *n., a. and v.* (פליין) אן עבענע, א פלעכע; א פלאכקייט; אן ענטוויקלונגס=גראד; א הובעל; דער פלאטאנע=בוים [אזא קליינער אמעריקאנער בוים, וועלכער וואקסט אין פייכטע געגענדען. זיין האלץ איז העל=ברוין און הארט]; פלאך; וואס האט א פלאכע אויבערפלעכע; וואס ליעגט אין א פלעכע אדער עבענע; הובלען; גלאט מאכען.

Plane

plane an'gle (פליין ענגל) א גלייכער אדער גראד=ליניגער ווינקעל.

plane'-bit *n.* (פליינ'-ביט) דאס הובעל=אייזען [פון א הובעל].

plane geom'etry (פליין דזשי-אמ'-ע-טרי) פלאנימעטריע [דער טייל פון געאמעטריע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט דער מעסטונג און בעשרייבונג פון פלעכען].

plane'-guide *n.* (פליינ'-גאיד) א הובעל=פיהרער [אזא פארריכטונג צו א הובעל, אז ער זאל געפיהרט ווערען גראד, ווען מען דארף הובלען שרעגע ענדען פון ברעטער].

plane'-i'ron *n.* (פליינ'-אי'-ערן) דאס הובעל=אייזען.

plane'ness *n.* (פליינ'-נעס) דאס האבען אדער זיין א פלעכע אדער עבענע; פלאכקייט.

plane of projec'tion (פליין אוו פרא-דזשעק'-שאן) ז. *perspective plane*.

plane of the pic'ture (פליין אוו טהי פיק'-טשור) ז. *perspective plane*.

plane'-plane *a.* (פליינ'-פליין) וואס האט צוויי פלעכען וועלכע זיינען פאראלעל איינע צו דער אנדערער.

pla'ner *n.* (פליי'-נער) א הובעל, א הובעל=אינסטרומענט; אין דרוקעריי — אזא קלעצעל מיט וועלכען מען גלייכט אוים דעם זאץ.

plane'-sail'ing *n.* (פליינ'-סייל'-אינג) דאס בעשטימען די לאגע פון א שיף, ניט רעכענענדיג זיך ביי דער אויסרעכנונג מיט דער רונדקייט פון דער ערד.

plane'-stock *n.* (פליינ'-סטאק) דאס געשטעל פון הובעל [דאס האלץ=שטיק אין וועלכען דאס הובעל=אייזען ווערט ארייגעשטעלט].

plane survey'ing (פליין סויר-וויי'-אינג) פעלד=מעסטונג, דאס מעסטען לאנדשטרעקען אלס א גראדע פלעכע [ניט נעהמענדיג אין בעטראכט די רונדקייט פון דער ערד].

plan'et *n.* (פלענ'-עט) א פלאנעט, א וואנדער=שטערען.

plane'-ta'ble *n. and v.* (פליינ'-טיי'בל) א מעסט=טיש [אן אינסטרומענט פון פעלד=מעסטער, וועלכער בעשטעהט פון א טישעל אויף דריי פים, וואס מען קען דרעהען און בויגען אין פערשיעדענע ריכטונגען]; א משופע'דיגער טיש אדער ברעט וואס ווערט בענוצט אין מעטאל=גרובען, אויף וועלכען דאס ערץ [רויה=מעטאל] ווערט געלעגט; מעסטען פעלד מיט א מעסט=טיש.

plane'-ta'bling *n.* (פליינ'-טיי'-בלינג) דאס בענוצען ביים פעלד=מעסטען א מעסט=טיש. ז. *plane-table*.

planeta'rium *n.* (פלענ-ע-טיי'-רי-אם) א פלאנעטאריום, אן אסטראנאמישע מאשין, וועלכע ציינט, דורך די בעוועגונגען פון איהרע טיילען, דעם פלאנעטען=גאנג.

plan'etary *a.* (פלענ'-ע-טע-רי) וואס איז שייך צו א פלאנעט אדער פלאנעטען; וואס האט דעם כאראקטער פון א פלאנעט; וואנדערענד [ווי א פלאנעט]; אין אסטראלאגיע — וואס איז אונטער דעם איינפלוס פון א פלאנעט.

plan'etary days (פלענ'-ע-טע-רי דייז) די זיבען וואכען=טעג ווי זיי זיינען געווען איינגעטיילט לויט דער צאהל פלאנעטען, וועלכע זיינען געווען בעוואוסט אין דער אלטער אסטראנאמיע, און יעדער טאג האט געטראגען דעם נאמען פון זיין פלאנעט [ווי זונטאג — דער טאג פון דער זון, מאנטאג — דער טאג פון דער לבנה א. ד. ג.].

plan'etary years (פלענ'-ע-טע-רי ייהרז) די פלאנעטען=יאהרען [דער משך צייט וואס עס נעהמט ביי די פלאנעטען ארומצודרעהען זיך ארום דער זון].

planet'ic *a.* (פלע-נעט'-איק) פלאנעטיש, וואס איז שייך אדער איז עהנליך צו א פלאנעט.

planet'ical *a.* (פלע-נעט'-אי-קעל) ז. *planetic*.

plan'etoid *n.* (פלענ'-עט-אויד) דער פלאנעטאאיד [איינער פון די עטליכע הונדערט קליינע פלאנעטען, וועלכע בעוועגען זיך ארום דער זון צווישען די שטערען מארס און יופיטער].

planetoi'dal *a.* (פלענ-ע-טאי'-דעל) וואס איז שייך צו א פלאנעטאאיד. ז. *planetoid*.

plane'-tree *n.* (פליינ'-טריע) דער פלאטאנע=בוים [אזא קליינער אמעריקאנער בוים וואס וואקסט אין פייכטע געגענדען. זיין האלץ איז העל=ברוין און הארט].

Plane-tree

plan'et-strick'en *a.* (פלענ'-עט-סטריק'ן) ז. *planet-struck*.

plan'et-struck *a.* (פלענ'-עט-סטראק) ערשטוינט, פערגאפט; געטראפען פון שלים=מזל.

plan'etule *n.* (פלענ'-עט-יול) א קליינער פלאנעט.

plan'et-wheel *n.* (פלענ'-עט-הוויעל) א צאהן=ראד וועלכער דרעהט זיך ארום א צווייטען צאהן=ראד אין דעם וועג פון אן עפיציקלוס [א קרייז וואס זיין מיטעל=פונקט בעוועגט זיך אויף דער פעריפעריע פון אן אנדער קרייז].

plan'gent *a.* (פלענ'-דזשענט) שאלענד, קלאפענד, רוישענד.

planifo'lious *a.* (פלע-ני-פאו'-לי-אס) אין באטאניק — וואס האט פלאכע בלעטער.

pla'niform *a.* (פליי'-ני-פארם) אין אנאטאמיע — ביי וועלכען דער אויבערשטער טייל איז פלאך [וועגען ביינער פון קערפער, וועלכע זיינען פלאך אין די פונקטען, וואו זיי פערבינדען זיך מיט אנדערע ביינער].

plan'igraph *n.* (פלענ'-אי-גרעף) אן אינסטרומענט צו פערקלענערען אדער פערגרעסערען צייכנינגען.

planim'eter *n.* (פלע-נימ'-ע-טער) א פלאנימעטער, אן אינסטרומענט אויסצומעסטען דעם שטח פון א פלעכע [ווערט געברויכט פון אינזשינערען און צייכנער אויסצומעסטען צייכען=פלענער].

planimet'ric *a.* (פלענ אי-מעט'-ריק)

וואס איז שייך צו פלאנימעטריע אדער צו דער מעסטונג פון א פלעכע.

planimet'rical *a.* (פלענ-אי-מעט'-רי-קעל) ז. ***planimetric***.

planim'etry *n.* (פלע-נימ'-עט-רי) פלאנימעטריע [די קונסט צו מעסטען פלאכע ערטער; דער טייל פון געאמעטריע, וואו עס ווערט געלערענט וועגען גלאטע אויבערפלעכען].

pla'ning-bench *n.* (פליי'-נינג-בענטש) די הובעל-באנק [ביי א סטאליער].

pla'ning-machine' *n.* (פליי'-נינג-מע-שין') די הובעל-מאשין, א מאשין צו הובלען האלץ אדער מעטאל.

pla'ning-mill *n.* (פליי'-נינג-מיל) א ווערקשטאט אדער פאבריק וואו מען הובעלט ברעטער; א הובעל-מאשין.

planipet'alous *a.* (פליי-ני-פעט'-ע-לאס) אין באטאניק — וואס האט פלאכע בלומען-בלעטלעך.

planiros'tral *a.* (פליי-ני-ראס'-טרעל) וואס האט א ברייטען און פלאכען שנאבעל.

plan'ish *v.* (פלענ'-איש) מאכען גלאט, מאכען גלאנציג; פאלירען.

plan'isher *n.* (פלענ'-איש-ער) איינער וואס מאכט גלאט אדער גלאנציג; א פאלירער.

plan'ishing-ham'mer *n.* (פלענ'-איש-אינג-העמ'-ער) א האמער וואס ווערט בענוצט צו מאכען גלאט א מעטאלענע פלאטע אדער כלי.

plan'isphere *n.* (פלענ'-אי-ספיר) די פלאניספערע, א קוגעל אדער האלב-קוגעל וואס איז געצייכענט אין דער פארם פון א פלאך-רונדער קארטע; די קארטע פון דעם ערדישען אדער הימלישען האלב-קוגעל.

planispher'ic *a.* (פלענ-אי-ספער'-איק) פלאניספעריש, ווי א פלאניספערע. ז. ***planisphere***.

plank *n. and v.* (פלענק) 1. א פלאנקע, א דיק ברעט; עפעס וואס האלט אויף אדער אונטערשטיצט; 2. איינער פון די פונקטען אדער פאראגראפען, וועלכע בילדען אויס דאס פראגראם פון א פאליטישער אדער אנדערער פארטיי; 3. בעשלאגען אדער בעדעקען מיט פלאנקען אדער דיקע ברעטער; 4. עפעס ארויפלעגען [ווי אויף א טיש אדער ברעט]; 5. צושפאלטען א פיש און אבבאקען איהם אויף א ברעטעל.

1. The gangway has strong **planks**. 2. There were twenty **planks** in the platform of our party.

plank down (פלענק דאון) ארויסלעגען [ווי מזומנים]; בעצאהלען אויף'ן ארט.

Plank down cash if you wish the goods.

plan'king *n.* (פלענ'-קינג) דאס בעדעקען אדער בעשלאגען מיט ברעטער; פלאנקען אדער ברעטער אין אלגעמיין; דאס ארומשילעווען אדער בעשלאגען מיט פלאנקען א הילצערנע שיף.

plan'king-clamp *n.* (פלענ'-קינג-קלעמפ) אין שיף-בוי — אן אינסטרומענט וואס בויגט אויס א ברעט, כדי ארומצושילעווען אדער בעשלאגען די שיף.

plan'king-machine' *n.* (פלענ'-קינג-מע-שין') אין הוט-מאנופאקטור — א מאשין צו פילצעווען, גלעטען און פערהארטעווען היט.

plan'king-screw *n.* (פלענ'-קינג-סקרוה) ז. ***planking-clamp***.

plank'-nail *n.* (פלענק'-נייל) א ברעט-נאגעל.

plank'ton *n.* (פלענק'-טאן) דער פלאנקטאן, איינער פון די נידריגסטע ארגאניזמען פון חיות און פלאנצען, וועלכע האבען ניט קיין בעוועגונגס-ארגאנען און טראגען זיך מיט'ן שטראם פון וואסער.

plan'less *a.* (פלענ'-לעס) פלאנלאז, אהן א פלאן.

plan'lessly *adv.* (פלענ'-לעס-לי) פלאנלאז; אהן א פלאן.

plan'ner *n.* (פלענ'-ער) א פלאנען-מאכער; א פראיעקטען-מאכער.

pla'no-con'cave *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-קייוו) וואס איז פון איין זייט פלאך און פון דער צווייטער זייט קאנקאוו [רונד אריינגעבויגען].

pla'no-con'ical *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-אי-קעל) וואס איז פלאך פון איין זייט און ווי א קאנוס פון דער צווייטער זייט.

pla'no-con'vex *a.* (פליי'-נאו-קאנ'-וועקס) וואס איז פלאך פון איין זייט און רונד-ארויסגעבויגען [קאנוועקס] פון דער צווייטער.

plano'dia *n.* (פלע-נאו'-די-א) א פאלשער אדער ניט נארמאלער דורכגאנג [ווי ביי לאזען אורין דורך א קאטעטער].

pla'no-horizon'tal *a.* (פליי'-נאו-האר-אי-זאנ'-טעל) פלאנאהאריזאנטאל, וואס איז פלאך און האריזאנטאל געשטעלט אדער געלעגט.

planom'eter *n.* (פלע-נאמ'-ע-טער) א פלאנאמעטער, אן אייזערנע פלאכע פלאטע, וואס ווערט בענוצט אין מאשין-בויאונג צו מעסטען די גלאטקייט פון פלאכע פלאטען.

planom'etry *n.* (פלע-נאמ'-עט-רי) דאס בענוצען א פלאנאמעטער; דאס מעסטען די פלאכקייט און גלאטקייט פון פלאטען.

pla'no-orbic'ular *a.* (פליי'-נאו-אהר-ביק'-יו-לאר) פלאך פון איין זייט און קוגעל-פערמיג פון דער אנדערער.

planor'bine *a.* (פלע-נאהר'-בין) געדרעהט אין א פלאכער ספיראל; עהנליך צו א טייך-שנעקע; וואס איז שייך צו די טייך-שנעקען. ז. ***Planorbis***.

Planor'bis *n.* (פלע-נאהר'-בים) דער מין טייך-שנעקעס [זיי האבען א פלאכע ספיראל-עהנליכע מושעל און האלטען זיך אויף אין טייכען און סאזשעלקעס].

Planorbis

plant *n. and v.* (פלענט) א פלאנצע; א געוויקס; א יונג ביימעל; א שטעקען, א דובינע; א גראז אדער א גארטען-פלאנצע [אין געגענזאץ צו א בוים]; די גאנצע אויסשטאטונג [ווי אינסטרומענטען, מאשינען א. ז. וו.], וואס זיינען נויטיג אנצופיהרען א געוויסע פראדוקציאן; דאס ארט, וואו א גנב בעהאלט די גע'גנב'עטע זאכען; א שווינדעל, א שפיצעל, א שטוקע; פלאנצען, איינפלאנצען; איינשטעלען; איינריכטען; עטאבלירען; איינזעצען, קאלאניזירען; איינגראבען; בעהאלטען [גע'גנב'עטע זאכען]; פערשטעקען, פערבארגען.

plan'table *a.* (פלענ'-טעבל) פלאנצבאר, וואס מען קען איינפלאנצען.

plan'tain *n.* (פלענ'-טיין) דער וועגעריך, א מין גראז מיט ברייטע אוואלע [לאנגליך-רונדע] בלעטער, וועלכע געהען ארויס הארט נעבען ווארצעל. צווישען די בלעטער שפראצען ארויס לאנגע שטענגלעך, וואס זיינען בעדעקט מיט קליינע העל-בלויע בליהונגען. ז. איל.]; דער פיזאנג אדער דער פאראדיז-פייגענבוים; די פאראדיז-פייג [די פרוכט פון דיעזען בוים]. ז. ***plantain-tree***.

Plantain

plan'tain-cut'ter *n.* (פלענ'-טיינ-קאט'-ער) ז. ***plantain-eater***.

plan'tain-ea'ter *n.* (פלענ'-טיינ-איע'-טער) דער טוראקו [א מין אפריקאנישער פויגעל מיט א לאנגען עק און מיט העל-גלאנציגע און רייכפארביגע פעדערען].

plan'tain-tree *n.* (פלענ'-טיינ-טריע) דער פיזאנג אדער דער פאראדיז-פייגענבוים [א מין בוים פון די הייסע לענדער מיט זעהר לאנגע און ברייטע בלעטער, וואס איז עהנליך צו דעם באנאנע-בוים].

Plantain-tree

plan'tal *a.* (פלענ'-טעל) וואס וואקסט; וואס איז שייך צו פלאנצען.

plan'tar *a.* (פלענ'-טאר) וואס געהערט צו דער פארעשווע אדער זויל פון פוס.

planta'tion *n.* (פלענ-טיי'-שאן) דאס פלאנצען; די איינפיהרונג, די איינריכטונג, די עטאבלירונג; א קאלאניע, א בעזעצונג; א פלאנצונג, א בעפלאנצונגס־ארט; א פלאנטאציע; די גרינדונג.

planta'tion-hands *n.* (פלענ-טיי'-שאן-העגדז) די ארבייטער אויף א פלאנטאציע.

planta'tion-mill *n.* (פלענ-טיי'-שאן-מיל) א מיהלכעל, וואס ווערט בענוצט אויף א פלאנטאציע אדער פערמע צו מאהלען האבער, לייןזאמען א. ד. ג.

plant'-bug *n.* (פלענט'-באג) די בלאט־וואנץ, די פעלד־וואנץ [אן אינזעקט, וואס זויגט אוים פלאנצען].

plant'-cane *n.* (פלענט'-קיין) די ערשטע צוקער־ריטלעך, וואס וואקסען אוים דאס ערשטע מאל אויף א צוקער־פלאנטאציע.

plant'-disease' *n.* (פלענט'-די-זיעז') א פלאנצען־קראנקהייט.

plant'-ea'ting *a.* (פלענט'-איע'-טינג) וואס עסט פלאנצען; וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען.

plan'ted *a.* (פלענ'-טעד) איינגעפאסט, ארייגגעשטעלט [ווי איין פלאנקע אדער ברעט אין אן אנדערען]; אריינגעבראכט פון אן אנדער לאנד; נאטוראליזירט.

plan'ter *n.* (פלענ'-טער) א פלאנצער, א פלאנטאטאר; א גרינדער; א זייה־מאשין; א קלאץ, וואס איז אריינגעשלאגען אין א טייך און שטארצט ניט ארוים פון וואסער.

plan'terdom *n.* (פלענ'-טער-דאם) דער פלאנטאטארען־שטאנד.

plan'tership *n.* (פלענ'-טער-שיפ) דאס פערוואלטען א פלאנטאציע; די בעשעפטיגונג פון א פלאנטאטאר.

plant'-fee'der *n.* (פלענט'-פיע'-דער) אן אינזעקט וואס ערנעהרט זיך פון פלאנצען.

plant'-fee'ding *a.* (פלענט'-פיע'-דינג) וואס ערנעהרט זיך פון פלאנצען.

plant'-food *n.* (פלענט'-פוהד) פלאנצען־נאהרונג; דאס וואס גיט יניקה פאר פלאנצען.

plan'ticle *n.* (פלענ'-טיקל) א יונגע פלאנצע; א פלאנצע וואס הויבט ערשט אן צו וואקסען; דער עמבריא פון א פלאנצע. ז. *embryo*

plan'tigrade *a. and n.* (פלענ'-טי-גרייד) וואס טרעט מיט דער גאנצער פארעשווע אדער זויל פון פוס [ווי מענשען, בערען א. ז. וו.]; א חיה וואס טרעט מיט'ן גאנצען פוס־טראט.

plan'ting *n.* (פלענ'-טינג) דאס פלאנצען, דאס אריינזעצען פלאנצונגען; דאס לעגען די ערשטע שטיינער פון א פונדאמענט; די איינפיהרונג, איינריכטונג.

plan'ting-ground *n.* (פלענ'-טינג-גראונד) אן ארט, וואו אויסטערם [אוםטריצעם] האלטען זיך אויף.

plantiv'orous *a.* (פלענ-טיוו'-א-ראס) וואס עסט פלאנצען; וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען.

plant'let *n.* (פלענט'-לעט) א יונגע ניט ענטוויקעלטע פלאנצע.

plant'-louse *n.* (פלענט'-לאוס) א פלאנצען־לויז, א קליינער אינזעקט וואס שעדיגט פלאנצען.

plant'-mar'ker *n.* (פלענט'-מאר'-קער) א בלעכעל אדער שטיקעל פאפיער וואס מען הענגט אן אויף א פלאנצע און אויף וועלכען עס איז אנגעשריבען איהר געוועהנליכער און באטאנישער נאמען.

plant'-move'ment *n.* (פלענט'-מוהוו'-מענט) די פרייוויליגע אדער זעלבסטטהעטיגע בעוועגונגען פון פלאנצען [געוויסע פיזיאלאגישע פונקציאנען פון אייניגע פלאנצען].

plants'man *n.* (פלענטס'-מען) איינער וואס האנדעלט מיט פלאנצען.

plan'tule *n.* (פלענ'-טיול) א ניט פאלשטענדיג ענטוויקעלטע פלאנצע; דער עמבריא פון א פלאנצע. ז. *embryo*

planu'ria *n.* (פלע-ניו'-רי-א) דאס ארויסלאזען אורין פון קערפער ניט דורך דעם ארגאן, דורך וועלכען די אורין אדער השתנה געהט געוועהנליך דורך.

plan'ury *n.* (פלענ'-יו-רי) ז. *planuria*

plap *v.* (פלעפ) פליעסקען; פליוכען; ארבאכפאלען מיט א פליוך.

plaque *n.* (פלעק) א פלאטע אדער דיסק פון מעטאל, פארצעלייי אדער עלפענבייז וואס איז ארטיסטיש בעציערט מיט פיגורען; א בראש אדער אן אנדער ציערונג אין דער פארם פון אן ארטיסטיש אויסגעארבייטער פלאטע אדער דיסק; אין אנאטאמיע — איינער פון די קליינע רונד־פלאכע קערפער־טיילען [ווי די בלוט־דיסקען וואס פליסען אין די אדערען]; א לאטע; א פלאסטער.

plaquette' *n.* (פלע-קעט') א קליינע פלאכע פלאטע וואס ווערט אין עפעס אריינגעשטעלט אלס ארנאמענט אדער בעציערונג.

The bureau was decorated with bronze plaquettes.

plash *v. and n.* (פלעש) פלאסקען, פלעשטשען; צוזאמענפלעכטען [איינגעשניטענע און אויסגעבויגענע] צווייגלעך פון א פלאנצען־צאם [א צאם פון קוסטעס אדער בוימלעך]; איינשניידען און איינבויגען צווייגלעך פון א פלאנצען־צאם [צום צוזאמענפלעכטען]; א לוזשע, א בלאטיג טייכעל; א פליוך; אן איינגעשניטען און איינגעבויגען צווייגעל פון א פלאנצען־צאם [צום פלעכטען].

plash'et *n.* (פלעש'-עט) א לוזשע; א קליינע סאזשעלקע.

plash'ing *n.* (פלעש'-אינג) א פארקאן פון געפלאכטענע צווייגען; א געפלאכטענער צאם; דאס פליעסקען; דאס פליוכען פון וואסער.

plash'ing-tool *n.* (פלעש'-אינג-טוהל) א מעסער וואס ווערט בענוצט איינצושניידען די געפלאכטענע צווייגען פון א צאם.

plash'y *a.* (פלעש'-אי) פייכט; נאס; בלאטיג; בעשפרענקעלט מיט פארבענדער פליסיגקייט.

plasm *n.* (פלעזם) א פורעם [פון לעהם אדער גיפס]; אין ביאלאגיע — די פלאזמע. ז. *plasma*

plas'ma *n.* (פלעס'-מא) אין ביאלאגיע — די פלאזמע, דער פליסיגער בעשטאנד־טייל פון בלוט, וואס האט אין זיך איי־ווייסע עלעמענטען און פון וועלכען עס בילדען זיך די פערשיעדענע ארגאנישע געוועבען פון קערפער; די פארבלאזע בלוט־פליסיגקייט [די פליסיגקייט פון בלוט, וועלכע ענטהאלט ניט קיין רויטע און ווייסע בלוט־קייקעלעך]; דער גליטשיגער און קלעפיגער שטאף פון א צעלע, די פראטאפלאזמע; א מין גרינער שטיין [כאלצעדאן], וועלכען די אלטע רוימער פלעגען טראגען אלס ציערונג.

plasmat'ic *a.* (פלעס-מעט'-איק) אין ביאלאגיע — וואס איז שייך צו פלאזמע. ז. *plasma*

plasmat'ical *a.* (פלעס מעט'-אי-קעל) ז. *plasmatic*

plas'mic *a.* (פלעז'-מיק) וואס איז שייך צו דער פלאזמע. ז. *plasma*

plas'mode *n.* (פלעס'-מאוד) ז. *plasmodium*

plasmo'dia *n.* (פלעס-מאו'-די-א) די פלאזמאדיען. ז. *plasmodium*

plasmo'dial *a.* (פלעס-מאו'-די-על) עהנליך צו פלאזמאדיום. ז. *plasmodium*

plasmod'ic *a.* (פלעס-מאד'-איק) ז. *plasmodial*

plasmo'dium *n.* (פלעס-מאו'-די-אם) אין ביאלאגיע — פלאזמאדיום, א זשעלאטין־מאסע פון פראטאפלאזמע אדער נאקעטע צעלען, וואס בילדעט זיך אוים פון דער בעהעפטונג פון עטליכע אמעבען־עהנליכע ארגאניזמען. ז. *amœba*

plas'mogen *n.* (פלעס'-מא-דזשען) די עסענץ אדער דער הויפט עלעמענט פון פראטאפלאזמע. ז. *plasma*

plasmog'ony *n.* (פלעס-מאג'-א-ני) דאס ענטוויקלען זיך פון אן ארגאניזם פון דער פלאזמע. ז. *plasma*

plasmol'ogy *n.* (פלעס-מאל'-א-דזשי) מיקראסקאפישע אנאטאמיע, דאס שטודירען די מיקראסקאפישע טיילכעלעך, פון וועלכע דער ארגאניזם בעשטעהט.

plasmol'ysis *n.* (פלעס-מאל'-אי-סיס) אין באטאניק — די צוזאמענציהונג פון פראטאפלאזמע אין די צעלען פון א פלאנצע דורך דער ווירקונג פון געוויסע רעאגענטען אדער ווירקענדע שטאפען.

plas'molyze *v.* (פלעס'-מא-לאיז) צוזאמענציהען די פראטאפלאזמע אין די צעלען פון א פלאנצע דורך דער ווירקונג פון געוויסע רעאגענטען אדער שטאפען.

plas'ter *n. and v.* (פלעס'-טער) א פלאסטער [פאר א וואונד]; פלאסטער, שטוקאטורע, טינק; גיפס; צולעגען א פלאסטער; טינקעווען; גיפסעווען; בעשמירען עפעס [ווי בעשמירען דאס פנים מיט פארב]; בעדעקען אדער בעהאלטען עפעס, ווי מיט א פלאסטער אדער ווי מיט פלאסטער.

plas'ter cast (פלעס'-טער קעסט) דער אבדרוק אדער אבגוס פון גיפס.

plas'terer *n.* (פלעס'-טער-ער) א גיפס־ארבייטער, א גיפס־גיסער; א טינקעווער.

plas'tering *n.* (פלעס'-טער-אינג) דאס שטוקאטורעווען, טינקעווען; דאס צוגעבען גיפס צו עפעס.

plas'tering trow'el (פלעס'-טער-אינג טראו'-על) א מויער־קעלנע [די לאפעטקע, מיט וועלכער א פלאסטערער טינקעוועט אדער שמירט מיט וואפנע א וואנד].

plas'ter-mill *n.* (פלעס'-טער-מיל) א מאשין צו מאהלען גיפס.

plas'ter of Par'is (פלעס'-טער- אוו פער'-איס) גיפס.

plas'ter o'ver (פלעס'-טער או'-ווער) איבערטינקעווען, בעדעקען, בעשמירען מיט עפעס.

plas'ter-stone *n.* (פלעס'-טער-סטאון) דער גיפס־שטיין; גיפס.

plas'ter up (פלעס'-טער אפ) ארויפלעגען א פלאסטער; בעדעקען מיט עפעס; ווי עס איז צוגויפקלעפען.

plas'ter-work *n.* (פלעס'-טער-הווארק) שטוקאטור־ארבייט.

plas'tery *a.* (פלעס'-טער-אי) עהנליך צו גיפס; וואס ענטהאלט טינק אדער גיפס.

plas'tic *a.* (פלעס'-טיק) פלאסטיש, קנעטעדיג [וואס לאזט זיך פארמירען אדער בילדען ווי מען וויל]; וואס לאזט זיך קנעטען.

plas'tically *adv.* (פלעס'-טי-קעל-אי) אויף א פלאסטישען, קנעטענדען אדער פארמירענדען אופן.

plas'tic art (פלעס'-טיק ארט) די פלאסטישע אדער בילדענדע קונסט.

plas'tic clay (פלעס'-טיק קליי) פלאסטישע ליים [די ליים, פון וועלכער מען פארמירט כלים און פיגורען].

plas'tic force (פלעס'-טיק פאורס) די בילדונגס=קראפט [פון דער נאטור].

plastic'ity *n.* (פלעס-טיס'-אי-טי) קנעטעדיגקייט, בילדזאמקייט [די אייגענשאפט זיך צו לאזען פארמירען אדער בילדען ווי מען וויל].

plas'tid *a.* and *n.* (פלעס'-טיד) אן איינפאכסטער ארגאניזם, ווי א צעלע אדער פלאזמע; וואס האט דעם כאראקטער פון אן איינפאכסטען ארגאניזם.

plastid'ium *n.* (פלעס-טיד'-אי-אם) ז. *plastid*.

plas'tidule *n.* (פלעס'-טי-דיול) א מאלעקול אדער דער מעגליכסט קלענסטער טייל פון פראטאפלאזמע.

plastili'na *n.* (פלעס-טי-לאי'-נא) פלאסטישע ליים, וועלכע איז צוגעגרייט אזוי, דאס זי זאל א לענגערע צייט זיין פייכט און ווייך.

plastog'raphy *n.* (פלעס-טאג'-רע-פי) פלאסטאגראפיע [די קונסט צו מאכען אדער אויסצוקנעטען פיגורען פון גיפס, ליים אדער אנדערע קנעטיגע זאכען]; דאס נאכמאכען איינעמס האנדשריפט; פעלשונג.

plas'tral *a.* (פלעס'-טרעל) וואס איז שייך צום אונטערשטען טייל פון שילד פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע.

plas'tron *n.* (פלעס'-טראן) א ברוסט=פאנצער; דער טייל פון א קלייד וואס בעדעקט די ברוסט; דער אונטערשטער טייל פון שילד פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע.

plas'trum *n.* (פלעס'-טראם) ז. *plastron*.

plat *n., v., a.* and *adv.* (פלעט) א קלאפ טהאן מיט דער האנד, שלאגען, קלאפען; פלעכטען, איינפלעכטען, ארומפלעכטען עפעס; בעצייכנען א פלאן פון א שטיקעל לאנד, מאכען א לאנד=קארטע; פערשפרייטען, אויסלעגען פלאך; א שטיקעל לאנד וואס איז בעשטימט פאר א געוויסען צוועק [ווי פאר א גארטען א. ד. ג.]; דער פלאן פון אזא שטיקעל לאנד; א געפלאכטענע זאך [ווי די אויסגעפלאכטענע שטרוי צו מאכען שטרוי=היט]; פערפלאכטענע האר; א שטריק=וויקעל [דאס מיט וואס מען פלעכט ארום א קאנאט אויף א שיף]; פלאך, גלאט; אויסגעשפרייט.

plat'an *n.* (פלעט'-ען) ז. *plane-tree*.

plat'ane *n.* (פלעט'-ען) ז. *plane-tree*.

plat'band *n.* (פלעט'-בענד) א ראנד פון בלומען אין א גארטען אדער ביי א וואנד; אין ארכיטעקטור — א פלאכער שטרייף מיט גראדע ווינקלען וואס שטארצט עטוואס ארוים פון א וואנד אדער זייל; דער עטוואס=ארויסגעשטארצטער אויבערשטער קווער=באלקען פון א טהיר.

plate *n.* and *v.* (פלייט) א מעטאלענע פלאטע; א גראווירטעס בלעכעל; א טעלער; זילבער=געשיר; א געריכט; א סטערעאטיפ, אן עלעקטראטיפ; אין ארכיטעקטור — דער קווער באלקען, אויף וועלכען עס שטעלען זיך די קראקוועס פון א דאך; א גומען=פלאטע פון אריינגעשטעלטע צייהנער; פלאטירטע ווארען [ווארען וואס זיינען בעלעגט מיט א געוויסען מעטאל, ווי גאלד אדער זילבער]; א פאנצער פון צוזאמענגעשטעלטע פלאטען; פלאט=גלאז [דיקע פלאטען גלאז וואס ווערען בענוצט אויף שפיגלען און אויף שויבען אין גרויסע מאגאזינען א. ד. ג.]; אין פאטאגראפיע — די גלאז=פלאטע, אויף וועלכער עס ווערט געמאכט דער נעגאטיוו; אין בייסבאלשפיעל — דער היים=באזיס [דאס ארט וואו דער אבקלאפער פון באל קומט צו לויפען צוריק וואו ער איז פריהער געשטאנען]; אין ביאלאגיע — א פלאטענעהנליכעס גליעד פון אן ארגאניזם; פלאטירען [בעדעקען עפעס מיט א דינעם שיכט פון גאלד אדער זילבער]; בעפאנצערען, בעשלאגען מיט דיקע מעטאלענע פלאטען [ווי א פאנצער=שיף]; אויסשמיעדען דינע פלאטען אדער בלעכלעך.

plate'-ar'mor *n.* (פלייט'-אר'-מאר) פאנצער=פלאטען [שטאל=פלאטען מיט וועלכע מען בעשלאגט א קריעגס=שיף, אז קוילען זאלען זי ניט דורכלעכערען].

plateau' *n.* (פלע-טאו') אין געאגראפיע — דאס פלאטא, א פלאך אדער בערגיג לאנד, וואס איז מעהר ווי 1000 פוס העכער פון דער אויבערפלעכע פון ים.

plate'-bas'ket *n.* (פלייט'-בעס'-קעט) דער טעלער=קארב [א קארב אויף צונעהמען די טעלער און די אנדערע געשיר פון טיש].

plate'-ben'der *n.* (פלייט'-בענ'-רער) א מין צווייגעל, וואס ווערט בענוצט פון דענטיסטען צו בויגען גומען=פלאטען.

plate'-box *n.* (פלייט'-באקס) א קעסטעל, אין וועלכען פאטאגראפען האלטען די גלעזערנע פלאטען אדער נעגאטיווען.

plate'-brass *n.* (פלייט'-ברעס) בלעך פון קופער אדער מעש.

plate'-cul'ture *n.* (פלייט'-קאל'-טשור) דאס האדעווען מיקראבען אדער באצילען אויף א דינעם שיכט פון זשעלאטין, וואס איז אויסגעלעגט אויף א גלעזערנער פלאטע.

pla'ted *a.* (פליי'-טעד) פלאטירט [בעלעגט מיט אנדערע שטאפען אדער מעטאלען, ווי מיט זייד, גאלד אדער זילבער]; געפאנצערט מיט דיקע מעטאלענע פלאטען [וועגען קריעגס=שיפען].

plate'-frame *n.* (פלייט'-פריים) ז. *plate-holder*.

plate'ful *n.* (פלייט'-פול) א טעלער, א טעלער=פול [די מאס וויפיעל עס געהט אריין אין א טעלער].

He ordered a **plateful** of meat.

plate'-glass *n.* (פלייט'-גלעס) שפיגעלגלאז [דיקעס גלאז פאר שפיגלען און פאר גרויסע קראם=שויבען].

plate'-hat *n.* (פלייט'-העט) א הוט, ביי וועלכען די ווארסע [בארווע] איז געמאכט פון בעסערען מאטעריאל איידער דער הוט אליין.

plun'geon *n.* (פלאנ'-דזשאן) א טויך=פויגעל [א פויגעל וואס טוקט זיך אין וואסער, ווי אן ענטעל].

plun'ger *n.* (פלאנ'-דזשער) א טויכער, א וואסער=טויכער; א טייל פון א מאשין וואס טויכט [ווי למשל, דער קאלבען פון א פומפ]; אן אזארטנער שפיעלער, אן אזארטנער וועטער, א ספעקולאנט; א קאוואלעריסט [א רייטענדער סאלדאט].

plun'ger-case *n.* (פלאנ'-דזשער-קיים) דער צילינדער, אין וועלכען עס בעוועגט זיך א טויכענדער מאשינען=טייל [ווי למשל, דער קאלבען פון א פומפ].

plun'ging *a.* (פלאנ'-דזשינג) געריכטעט פון אויבען אראב=צו, געגאסען, געווארפען א. ז. וו. פון אויבען אראב=צו.

The besieged army subjected the enemy to a **plunging** fire.

plup. אן אבקירצונג פון *pluperfect*

plu'perfect *n. and a.* (פלוה'-פויר-פעקט) אין גראמאטיק — דאס פלוסקוואמפערפעקטום אדער די לאנג=פערגאנגענע צייט [די פארם פון צייטווערטער, וואס בעצייכענט א פערגאנגענע טהעטיגקייט אדער צושטאנד וואס האט שטאטגעפונען פאר אן אנדער פערגאנגענער טהעטיגקייט אדער צושטאנד, ווי למשל: *had loved*]; וואס בעצייכענט די לאנג=פערגאנגענע צייט.

plu'ral *a. and n.* (פלוה'-רעל) מעהרער, פיעלפאך; וואס ענטהאלט צוויי אדער מעהרערע טיילען; מעהרצאהל, לשון רבים [אין גראמאטיק]; פיעלפאכהייט, פיעלהייט.

pluralisa'tion *n.* (פלוה-רעל-אי-זיי'-שאן) ז. *pluralization*.

plu'ralise *v.* (פלוה'-רעל-איז) ז. *pluralize*.

plu'raliser *n.* (פלוה'-רעל-אי-זער) ז. *pluralizer*.

plu'ralism *n.* (פלוה'-רעל-איזם) פיעלהייט, מעהרהייט; דאס האלטען עטליכע עמטער מיט איין מאל; דאס האלטען עטליכע איינטרעגליכע קירכען=שטעלען; אין פילאזאפיע — פלוראליזם, די לעהרע, אז עס עקזיסטירען מעהרערע סובסטאנצען אונאבהענגיג איינע פון די אנדערע, ווי גייסט, מאטעריע א. ז. וו. [אין געגענ=

זאץ צו דואליזם, וואס אנערקענט צוויי סובסטאנצען — מאטעריע און גייסט און צו מאניזם, וואס אנערקענט נור איין סובסטאנץ: אדער גייסט, אדער מאטעריע].

plu'ralist *n.* (פלוה'-רעל-איסט) א גייסטליכער וואס האלט מעהרערע איינטרעגליכע שטעלען; איינער וואס פערטרעט איינינע עמטער; אין פילאזאפיע — א פלוראליסט [ז. *pluralism*]; איינער וואס האלט, אז די מענשהייט קומט ניט פון איין שטאם=פאטער.

pluralis'tic *a.* (פלוה-רע-ליס'-טיק) פלוראליסטיש. ז. *pluralism*

pluralis'tical *a.* (פלוה-רע-ליס'-טי-קעל) פלוראליסטיש. ז. *pluralism*

pluralis'tically *adv.* (פלוה-רע-ליס'-טי-קעל-אי) פלוראליסטיש. ז. *pluralism*

plural'ity *n.* (פלוה-רעל'-אי-טי) פיעלקייט, מעהרהייט; איינע פון עטליכע קירכען=שטעלען, וועלכע עס פערנעהמט א גייסטליכער; דאס פערנעהמען עטליכע קירכען=שטעלען מיט איין מאל; פלוראליטעט, א ניט אבזאלוטע מעהרהייט פון אבגעגעבענע וואהל=שטימען, נאר א מעהרהייט איבער'ן צווייטען, נעכסטען קאנדידאט [ווען עס זיינען פאראן איינינע קאנדידאטען].

pluraliza'tion *n.* (פלוה-רעל-אי-זיי'-שאן) דאס אויסדריקען אין מעהרצאהל; דאס האלטען מעהרערע איינטרעגליכע קירכליכע עמטער.

plu'ralize *v.* (פלוה'-רעל-איז) ברויכען אין מעהרצאהל; האלטען מעהרערע איינטרעגליכע קירכליכע עמטער.

plu'ralizer *n.* (פלוה'-רעל-אי-זער) איינער וואס האלט מעהרערע איינטרעגליכע קירכליכע עמטער.

plu'rally *adv.* (פלוה'-רעל-אי) אין מעהרצאהל.

plu'ral mar'riage (פלוה'-רעל מער'-אידזש) פיעל=ווייבעריי, פאליגאמיע [ווען די פרויען לעבען ניט אין א הארעם ווי ביי די מאכמעדאנער, נאר אין בעזונדערע וואהנונגען, ווי למשל, אמאל ביי די מארמאנען].

plu'ral vote (פלוה'-רעל וואוט) א פיעלפאכע וואהל=שטימע, דאס רעכט אבצוגעבען מעהרערע שטימען [ווי ביי די פארלאמענטס=וואהלען אין בעלגיען].

plu'ral wife (פלוה'-רעל הוואיף) א פרוי פון א פאליגאמיסט. ז. *plural marriage*

pluriflo'rous *a.* (פלוה-רי-פלאו'-ראס) פיעל=בלומיג, וואס האט מעהרערע בלומען.

plurifo'liate *a.* (פלוה-רי-פאו'-לי-אייט) פיעל=בלעטערדיג [וועגען פלאנצען].

plurifo'liolate *a.* (פלוה-רי-פאו'-לי-א-לייט) פיעל=בלעטערדיג [וועגען א צוזאמענגעזעצטען פלאנצען=בלאט].

plurilit'eral *a. and n.* (פלוה-רי-ליט'-ע-רעל) וואס בעשטעהט פון מעהרערע בוכשטאבען; אווארט, וואס בעשטעהט פון מעהרערע בוכשטאבען.

plurip'ara *n.* (פלוה-ריפ'-ע-רא) א פרוי וואס געבעהרט ניט צום ערשטען מאל; א פרוי וואס האט שוין געהאט צוויי אדער מעהר קינדער.

pluripar'ity *n.* (פלוה-רי-פער'-אי-טי) דאס געבעהרען ניט צום ערשטען מאל; דאס זיין א מוטער פון צוויי אדער מעהרערע קינדער.

plurip'arous *a.* (פלוה-ריפ'-ע-ראס) וואס געבעהרט מעהרערע קינדער אויף איין מאל; וואס איז שייך צו א פרוי וואס געבעהרט ניט צום ערשטען מאל; וואס איז שייך צו א מוטער פון צוויי אדער מעהרערע קינדער.

plu'risy *n.* (פלוה'-רי-סי) איבער=פולקייט; פולבלוטיגקייט.

plus *a. and n.* (פלאס) גרעסער, פערגרעסערט, מעהר [מיט א געוויסער צאהל]; וואס איז מעהר ווי נול, וואס האט פאר זיך דעם צייכען פלוס, פאזיטיוו [וועגען אלגעבראאישע צאהלען]; צוזאמען מיט...‚ צוגעגעבען; דער פלוס=צייכען, דער חבור=צייכען [+]; עטוואס צוגעגעבענעס.

plush *n.* (פלאש) פלוש [א מין ווייכעס, האריגעס סאמעט=צייג].

plush'y *a.* (פלאש'-אי) פלושיג, עהנליך צו פלוש.

plu'tarchy *n.* (פלוה'-טאר-קי) פלוטאקראטיע. ז. *plutocracy*

Plu'to *n.* (פלוה'-טאו) פלוטא [דער גאט פון גיהנם אדער פון דער אונטער=וועלט ביי די פארצייטיגע רוימער].

Pluto

plutoc'racy *n.* (פלו-טאק'-רע-סי) פלוטאקראטיע, די הערשאפט פון דער געלד=אריסטאקראטיע, די הערשענדע געלד=אריסטאקראטיע.

plu'tocrat *n.* (פלוה'-טא-קרעט) א פלוטאקראט, א הערשער און מאכט=האבער אין דער געזעלשאפט צוליעב זיין רייכטום.

plutocrat'ic *a.* (פלוה-טא-קרעט'-איק) פלוטאקראטיש, וואס איז שייך צו דער הערשאפט פון דער געלד=אריסטאקראטיע, וואס איז שייך צו הערשאפט צוליעב געלד=מאכט.

plutol'ogist *n.* (פלו-טאל'-א-דזשיסט) אן עקאנאמיסט. ז. *political economy*

plutol'ogy *n.* (פלו-טאל'-א-דזשי) פאליטישע עקאנאמיע. ז. *political economy*

Pluto'nian *a. and n.* (פלו-טאו'-ני-ען) פלוטאניש, וואס איז שייך צום אלט=גריכישען גאט פלוטא [דער גאט פון דער אונטער=וועלט אדער פון גיהנם]; אין געאלאגיע — פלוטאניש, וואולקאניש; א פלוטאניסט, אן אנהענגער פון פלוטאניזם. ז. *Plutonism*

Pluton'ic *a.* (פלו-טאנ'-איק) פלוטאניש; וואס איז שייך צו פלוטא [דער אלט=רוימישער גאט פון דער אונטער=וועלט אדער פון גיהנם], אונטער=ערדיש, פינסטער; וואס איז שייך צום פלוטאניזם [ז. *Plutonism*]; געבילדעט טיעף אין דער ערד [וועגען פעלזען].

Pluton'ic the'ory (פלו-טאנ'-איק טהי'-א-רי) פלוטאניזם. ז. *Plutonism*

Plu'tonism *n.* (פלוה'-טא-ניזם) פלוטאניזם [די לעהרע לויט וועלכער די ערד האט זיך אויסגעבילדעט הויפטזעכליך א דאנק דער ווירקונג פון פייער. אין געגענזאץ צו נעפטוניזם. ז. *Neptunism*].

Plu'tonist *n.* (פלוה'-טא-ניסט) א פלוטאניסט, אן אנהענגער פון פלוטאניזם. ז. *Plutonism*

Plu'tus *n.* (פלוה'-טאס) אין דער רוימישער מיטאלאגיע — פלוטוס, דער גאט פון רייכטום [די לעגענדע דערצעהלט, אז דער הויפט גאט צעאוס האט איהם געמאכט בלינד, כדי ער זאל ניט קענען בעשענקען מיט רייכטום בלויז די גוטע].

plu'vial *a. and n.* (פלוה'-ווי-על) רעגענדיג; פייכט, נאס; אין געאלאגיע — וואס הענגט אב אדער שטאמט פון דער ווירקונג פון רעגענס; א ריזע, א קירכען=מאנטעל.

plu'vialine *a.* (פלוה'-ווי-ע-לין) וואס איז שייך צו א רעגען=פייפער, עהנליך צו א רעגען=פייפער [אזא פויגעל]. ז. *golden plover*

pluviam'eter *n.* (פלוה-ווי-עמ'-ע-טער) ז. *pluviometer*

pluviamet'rical *a.* (פלוה-ווי-ע-מעט'-רי-קעל) ז. *pluviometric*

plu'viograph *n.* (פלוה'-ווי-א-גרעף) אן אויטאמאטישער רעגען=מעסטער [אן אינסטרומענט צו פערצייכנען די מאס וואסער פון א רעגען=פאל].

pluviom'eter *n.* (פלוה-ווי-אמ'-ע-טער) א רעגען=מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די מאס וואסער פון א רעגען=פאל אדער שנעע=פאל].

pluviomet'ric *a.* (פלוה-ווי-א-מעט'-ריק) געמאכט מיט דער הילף פון א רעגען=מעסטער. ז. *pluviometer*

pluviomet'rical *a.* (פלוה-ווי-א-מעט'-רי-קעל) ז. *pluviometric*

pluviomet'rically *adv.* (פלוה-ווי-א-מעט'-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א רעגען=מעסטער. ז. *pluviometer*

pluviom'etry *n.* (פלוה-ווי-אמ'-עט-רי) די קונסט צו בעשטימען די מאס וואסער פון א רעגען=פאל.

plu'vioscope *n.* (פלוה'-ווי-א-סקאופ) ז. *pluviometer*

plu'vious *a.* (פלוה'-ווי-אס) רעגענדיג; נאס, פייכט.

ply *v. and n.* (פלאי) 1. פלייסיג אנווענדען עפעס אדער עפעס געברויכען; אנשטרענגען; פלייסיג, אנגעשטרענגט ארבייטען אדער טהאן עפעס. 2. אטאקירען אהן אויפהער; 3. דרינגענד בעטען; ארויפדרינגען; 4. זיך איילען; 5. האבען א רעגולערען קורס, געהן רעגעלמעסיג הין און צוריק [ווי א שיף]; 6. זעגלען מיט'ן ווינד; 7. פארשלאגען דיענסטע [ווי אלם טרעגער, שיפער א. ז. וו.]; 8. פאכיגקייט, דיקקייט; 9. נייגונג, געוואהנהייט.

1. They **ply** their work from morning till evening. 3. The wealthy are often **plied** with flattery. 5. Many steamers **ply** on the Hudson. 7. He is forced to **ply** in the street as a porter. 8. A three-**ply** thread.

ply a trade (פלאי ע טרייד) בעשעפטיגען זיך מיט א מלאכה.

ply'er *n.* (פלאי'-ער) ז. *plier*

ply one's books (פלאי הוואנז בוקס) פלייסיג שטודירען.

P. M. ראשי תבות פון *post meridiem* [נאך האלבען טאג], פון *postmaster*

[פאסטמייסטער] אדער פון *past-master*.

pne'ograph *n.* (ני'-א-גרעף) אן אינסטרומענט צו מעסטען די אטהעמונגס=קראפט פון די לונגען.

pneom'eter *n.* (ני-אמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די מאס איינגעאטהעמטע און אויסגעאטהעמטע לופט פון די לונגען.

pneom'etry *n.* (ני-אמ'-עט-רי) דאס מעסטען די איינגעאטהעמטע און אויסגעאטהעמטע לופט.

pne'oscope *n.* (ני'-א-סקאופ) אן אינסטרומענט צו מעסטען די בעוועגונג אדער די אויסברייטונג פון דעם ברוסט=קאסטען.

pneu'ma *n.* (ניו'-מא) דער אטהעם; דער גייסט, די נשמה; דאס אטהעמען.

pneumat'ic *a.* (ניו-מעט'-איק) פניימאטיש; וואס איז שייך צו לופט אדער גאזען; וואס בענוצט צונויפגעפרעסטע לופט אלס בעטריעבס=קראפט; וואס בעשטעהט פון לופט; לופטיג; וואס בעוועגט זיך אדער ווערט געשפיעלט מיט דער הילף פון לופט; אנגעפילט מיט לופט; וואס איז שייך צו דער אטהעמונגס=סיסטעם; פניימאטאלאגיע [ז. *pneumatology*].

pneumat'ical *a.* (ניו-מעט'-אי-קעל) פניימאטיש. ז. *pneumatic*.

pneumat'ically *adv.* (ניו-מעט'-אי-קעל-אי) פניימאטיש, מיט דער קראפט אדער מיט דער הילף פון לופט.

pneumat'ic cab'inet (ניו-מעט'-איק קעב'-אי-נעט) א פניימאטישער קאבינעט [א לופט=אבגעשלאסענעס צימער וואס א דאקטאר בענוצט צו בעהאנדלען דארטען אזעלכע פאציענטען פאר וועלכע מען דארף רעגולירען דעם לופט=דרוק אויף זייער קערפער].

pneumat'ic despatch' (ניו-מעט'-איק דעס-פעטש') א ראהר=פאסט, דאס שיקען בריעף אדער ארטיקלען דורך א ראהר מיט דער הילף פון געפרעסטער לופט [די ארטיקלען אדער די בריעף ווערען פערפאקט אין א קעסטעל וואס ווערט געטריבען מיט דער הילף פון געפרעסטער לופט דורך א ראהר, וואס איז געמאכט פאר דעם צוועק].

pneumat'ic en'gine (ניו-מעט'-איק ענ'-דזשין) א לופט=פומפע.

pneumatic'ity *n.* (ניו-מע-טיס'-אי-טי) דאס זיין פניימאטיש; דאס זיין אנגעפילט מיט לופט.

pneumat'ics *n.* (ניו-מעט'-איקס) פניימאטיק, דער טייל פון פיזיק וואס בעשעפטיגט זיך מיט די מעכאנישע אייגענשאפטען פון לופט און גאזען [ווי געוויכט, דרוק, עלאסטיציטעט, געדיכטקייט, בעוועגונג א. ד. ג.].

pneumat'ic trough (ניו-מעט'-איק טראהף) א פניימאטישע וואנע [אזא כלי, וועלכע ווערט בענוצט פון פיזיקער און כעמיקער צו מאכען פראבען מיט גאזען].

pneu'matize *v.* (ניו'-מע-טאיז) אנפילען מיט לופט.

pneu'matocele *n.* (ניו'-מע-טא-סיעל) א לונגען=ברוך; א ווינד=ברוך [אן אויפגעבלאזענע געשווילעכץ פון דעם אייער=בייטעל].

pneumatog'raphy *n.* (ניו-מע-טאג'-רע-פי) גייסטער=שריפט [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען — די שריפט פון גייסטער, וואס ערשיינט אהן דער פערבינדונג מיט דעם מעדיום אדער מיט וועלכער עס איז מאטעריעלער זאך, ווי שרייבגעציג א. ז. וו.]; די בעשרייבונג פון די גלויבענס וועגען די בעציהונגען צווישען מענשען און דער גייסטער=וועלט.

pneumatolog'ical *a.* (ניו-מע-טא-לאדזש'-אי-קעל) פניימאטאלאגיש, וואס איז שייך צו פניימאטאלאגיע. ז. *pneumatology*.

pneumatol'ogist *n.* (ניו-מע-טאל'-א-דזשיסט) א קענער אין פניימאטאלאגיע. ז. *pneumatology*.

pneumatol'ogy *n.* (ניו-מע-טאל'-א-דזשי) פניימאטאלאגיע, דער טייל פון פילאזאפיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער טהעטיגקייט פון גייסט און פון שכל; די ספיריטואליסטישע פילאזאפיע, די לעהרע וועגען די גלויבענס, וועלכע עקזיסטירען וועגען די בעציהונגען צווישען מענשען און דער גייסטער=וועלט; די לעהרע וועגען דעם הייליגען גייסט [אין דער קריסטליכער רעליגיאן].

Pneumatoma'chian *n. and a.* (ניו-מע-טא-מיי'-קי-ען) איינער וואס לייקענט אב די געטליכקייט אדער די עקזיסטענץ פון דעם קריסטליכען הייליגען גייסט; וואס איז שייך צו איינעם וואס לייקענט אב די געטליכקייט אדער די עקזיסטענץ פון דעם קריסטליכען הייליגען גייסט.

pneumatom'eter *n.* (ניו-מע-טאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די קוואנטיטעט לופט וואס ווערט מיט איין צוג איינגעאטהעמט אדער אויסגעאטהעמט פון די לונגען.

pneumato'sis *n.* (ניו-מע-טאו'-סיס) א קראנקהאפטע אנזאמלונג פון גאזען אין וועלכען עס איז טייל פון קערפער.

pneumoc'ace *n.* (ניו-מאק'-ע-סי) א גאנגרענע פון די לונגען.

pneumoenteri'tis *n.* (ניו-מא-ענ-טע-ראי'-טיס) שוויינען=פעסט; חזירים=כאליעריע.

pneumogas'tric *a. and n.* (ניו-מא-געס'-טריק) וואס געהערט צו די לונגען און מאגען אדער צו די פונקציאנען פון אטהעמונג און פערדייאונג; דער לונגען=מאגען=נערוו.

pneumog'raphy *n.* (ניו-מאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון די לונגען, אן אבהאנדלונג וועגען די לונגען אדער די אהטעמונגס=ארגאנען.

pneumol'ogy *n.* (ניו-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען די לונגען אדער די אטהעמונגס=ארגאנען.

pneumom'eter *n.* (ניו-מאמ'-ע-טער) ז. *pneumatometer*.

pneumonal'gia *n.* (ניו-מא-נעל'-דזשי-א) א שמערץ אין די לונגען.

pneumo'nia *n.* (ניו-מאו'-ני-א) לונגען=ענטצינדונג.

pneumon'ic *a. and n.* (ניו-מאנ'-איק) וואס איז שייך צו די לונגען; וואס איז שייך צו לונגען=ענטצינדונג; א מיטעל געגען לונגען=קראנקהייטען.

pneumonit'ic *a.* (ניו-מא-ניט'-איק) וואס איז שייך צו לונגען=ענטצינדונג.

pneumoni'tis *n.* (ניו-מא-נאי'-טיס) לונגען=ענטצינדונג.

pneu'mony *n.* (ניו'-מא-ני) ז. *pneumonia*.

P. O. ראשי תבות פון *post-office*

poach *v.* (פאוטש) אבקאכען אייער דורך דעם וואס מען ברעכט אויף זייער שאלעכץ און דאס וויסעל מיט דעם געלכעל ווערען אריינגעגאסען אין קאכענדען וואסער; דורכשטעכען, דורכבויערען; טרעטען אין בלאטע; לאזען שפורען פון די פיס=טריט; זיין ווייך ווי א בלאטיגער אדער זומפיגער גרונט; זיין זומפיג; געהן אויף געיעג אין פרעמדע וועלדער אדער פעלדער; געהן אויף געיעג אין ערטער, וועלכע זיינען פערבאטען פון געזעץ; זיך איינברעכען וואו עס איז אונגעזעצליך פאר וועלכען עס איז צוועק.

poa'cher *n.* (פאו'-טשער) איינער וועלכער געהט אויף געיעג אין פרעמדע וועלדער; דער ים=רויבער [אזא פיש]; די רויב=ענטעל [אזא ענטעל וואס רויבט אוועק די שפייז פון אנדערע ענטלעך].

poa'chiness *n.* (פאו'-טשי-נעס) פייכטקייט, נאסקייט [וועגען ערד]; בלאטיגקייט, זומפיגקייט.

poa'chy *a.* (פאו'-טשי) זומפיג, בלאטיג; נאס און ווייך [וועגען ערד].

poak *n.* (פאוק) דער אבפאל ביי גארבעריי.

po'chard *n.* (פאו'-טשארד) די רייהער=ענטעל [אזא זארט פערשיעדען=פארביגע ענטעל וועלכע איז שטארק פערשפרייט אין אייראפא].

pock *n.* (פאק) א פאק; א בלאטער.

pock'-bro'ken *a.* (פאק'-בראו'קן) וואס האט צייכענס פון פאקען; געשטופעלט.

pocked *a.* (פאקט) געפאקט, געשטופעלט פון פאקען.

pock'et *n. and v.* (פאק'-עט) א קעשענע, א טאש; פינאנציעלע מיטעל, געלד; א בייטעל; א ביליארד=בייטעל; א לאך אין דער פארם פון א זעקעל; א טהאל, אן אויסהוילונג אדער פערטיעפונג צווישען בערג; א פערטיעפונג אין א שאכטע וואו עס געפינט זיך ערץ [רויהער מעטאל]; א באלען [א געוויכט פון 160 פונט. ווערט בענוצט אלס וואג=איינהייט פאר האפען, וואל, באוועל א. ד. ג.]; אריינלעגען אין קעשענע; צונעהמען; לאזען ליעגען אין קעשענע [וועגען א געזעץ וואס דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא אדער דער גאווערנאר פון א שטאאט וויל ניט בעשטעטיגען און ער לאזט עס ליעגען ניט אונטערגעשריבען. ז. *pocket veto*]; אראבשלינגען [א בעליידיגונג]; פערבארגען, בעהאלטען, ניט פערעפענטליכען, אונטערדריקען; האבען די קאנטראלע, האבען ווי ביי זיך אין קעשענע.

pock'et-book *n.* (פאק'-עט-בוק) א נאטיץ=ביכעל, א טאשען=ביכעל; א בוך אין א קליינעם פארמאט, וואס קען געטראגען ווערען אין קעשענע; א טייסטער, א פאפיערעס; געלד=מיטעל; געלד.

pock'et bor'ough (פאק'-עט באר'-או) א געמיינדע אדער בעצירק אמאל אין ענגלאנד, וואו דאס רעכט צו שיקען פון דארטען פערטרעטער אין פארלאמענט איז געלעגען אין די הענד פון איין פערזאן אדער פון איין פאמיליע.

pock'et-dic'tionary *n.* (פאק'-עט-דיק'-שאנ-ע-רי) א טאשען=ווערטערבוך [א קליין ווערטער=ביכעל].

pock'et-edi'tion *n.* (פאק'-עט-ע-דיש'-אן) א טאשען=אויסגאבע [די אויסגאבע פון ביכער אין א קליינעם פארמאט, אז מען זאל זיי קענען טראגען אין קעשענע].

pock'et-flap *n.* (פאק'-עט-פלעפ) א טאשען=קלאפע, א פאט.

pock'etful *n.* (פאק'-עט-פול) א פולע קעשענע.

Why do you carry with you a pocketful of change?

pock'et-go'pher *n.* (פאק'-עט-גאו'-פער) אזא אמעריקאניש גריזשענד חיה'לע.

pock'et-hand'kerchief *n.* (פאק'-עט-הענ'-קער-טשיף) א טאשען=טיכעל, א נאז=טיכעל.

pock'et in'terest (פאק'-עט אינ'-טער-עסט) אייגענ=נוצען; קעשענע=אינטערעסען.

pock'et-knife *n.* (פאק'-עט-נאיף) א טאשען=מעסערעל, א פעדער=מעסערעל.

pock'et-lid *n.* (פאק'-עט-ליד) ז. *pocket-flap*.

pock'et-mon'ey *n.* (פאק'-עט-מאנ'-אי) טאשען=געלד [געלד אויף קליינע אויסגאבען].

pock'et-net *n.* (פאק'-עט-נעט) א פיש=נעץ מיט אבטיילונגען ווי קעשענעס.

pock'et-piece *n.* (פאק'-עט-פיעס) א מטבע, מייסטענס אן אלטע, וואס מען האלט אין קעשענע און מען גיט זי ניט אויס.

pock'et-pis'tol *n.* (פאק'-עט-פיס'-טאל) א טאשען=פיסטאלעט [א קליינער פיסטאלעט]; א קליין בראנפען=פלעשעל וואס מען האלט ביי זיך אין קעשענע.

pock'et-sher'iff *n.* (פאק'-עט-שער'-איף) א קרוין=שעריף [א שעריף אין ענגלאנד וואס ווערט בעשטימט פון דעם קעניג אליין].

pock'ets to let (פאק'-עטס טו לעט) ליידיגע קעשענעס.

pock'et up (פאק'-עט אפ) בעהאלטען אין קעשענע; בעהאלטען, פערפאקען.

pock'et ve'to (פאק'-עט ווי'-טאו) א געוויסע פארם פון א וועטא וואס דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אדער דער גאווערנאר פון א שטאאט לעגט ארויף אויף א געזעץ, וואס ער וויל ניט אונטערשרייבען: לויט דער אמעריקאנער קאנסטיטוציאן, ווען א געזעץ=פארשלאג [ביל] ווערט אנגענומען אין קאנגרעס און דער פרעזידענט לעגט ניט זיין וועטא, ווערט דער ביל א געזעץ נאכדעם ווי צעהן טעג געהען אריבער. ווען אבער דער ביל איז אנגענומען געווארען אין דעם משך פון די לעצטע צעהן טעג, איידער דער קאנגרעס ווערט געשלאסען, דאן מעג דער פרעזידענט, ווען ער וויל דעם ביל ניט בעשטעטיגען, איהם לאזען ליע=גען אין "קעשענע" אויף אהן א וועטא און ער ווערט ניט קיין געזעץ.

pock'-hole *n.* (פאק'-האול) ז. *pock-mark*.

pock'-house *n.* (פאק'-האוס) א שפיטאל פאר פאקען=קראנקע.

pock'iness *n.* (פאק'-אי-נעס) דאס זיין בעדעקט מיט פאקען, דאס זיין קראנק אויף פאקען.

pock'-mark *n.* (פאק'-מארק) א פאקען=צייכען, א פאקען=גריבעל, א פאק.

pock'-marked *a.* (פאק'-מארקט) גע=שטופעלט [פון פאקען].

pock'-pit'ted *a.* (פאק'-פיט'-עד) גע=שטופעלט [פון פאקען].

pock'wood *n.* (פאק'-הוואוד) ז. *lignum-vitæ*.

pock'y *a.* (פאק'-אי) פאקיג, בעדעקט מיט פאקען, קראנק אויף פאקען; סיפיליסטיש; נידערטרעכטיג, לומפיג.

po'co *adv.* (פאו'-קאו) אין מוזיק — עט=וואס, אביסעל.

pococuran'te *n.* (פאו-קא-קו-רענ'-טע) א גלייכגילטיגער מענש; א נאכלעסיגער, אן אבגעלאזענער אדער אונפינקטליכער מענש.

pococuran'tism *n.* (פאו-קא-קו-רענ'-טיזם) גלייכגילטיגקייט; נאכלעסיגקייט, אבגעלאזענקייט; אונפינקטליכקייט.

poco'sin *n.* (פא-קאו'-סין) זומפ=לאנד בעדעקט מיט וואלד.

poc'uliform *a.* (פאק'-יו-לי-פארם) בע=כער=פערמיג, ווי א בעכער.

pod *n. and v.* (פאד) א שויט, א הילז, א סטרוטשקע; בעקומען שויטען; אנשוועלען ווי א שויט; צוזאמענטרייבען ים=הינד אדער וואלראסען, אום זיי צו טויטען.

podag'ra *n.* (פא-דעג'-רע) פאדאגרע, פוס=גיכט [אזא קראנקהייט אין די פיס].

pod'agral *a.* (פאד'-ע-גרעל) ז. *podagric*.

podag'ric *a.* (פא-דעג'-ריק) פאדאגריש, וואס האט פאדאגרא אדער פוס=גיכט [א מין פוס=קראנקהייט]; וואס איז שייך צו פאדאגרא.

podag'rical *a.* (פא-דעג'-רי-קעל) ז. *podagric*.

pod'agrous *a.* (פאד'-ע-גראס) ז. *podagric*.

podal'gia *n.* (פא-דעל'-דזשי-א) פוס שמערצען, נייראלגיע אין די פיס.

podal'ic *a.* (פא-דעל'-איק) וואס איז שייך צו די פיס.

podarthri'tis *n.* (פאד-אר-טהראי'-טיס) אן ענטצינדונג פון די פוס=געלענקען.

pod'der *n.* (פאד'-ער) א שויטען=זאמ=לער.

pod'dy *a.* (פאד'-אי) רונד=בייכיג.

podestà' *n.* (פאו-דעס-טא') א מאגיס=טראט אדער בירגערמייסטער אין איטא=ליען.

podge *n. and v.* (פאדזש) א לוזשע; שווער ארבייטען, זיך פלאגען.

podg'y *a.* (פאדזש'-אי) ז. *pudgy*.

po'dial *a.* (פאו'-די-על) וואס איז שייך צו א פאדיום. ז. *podium*.

podis'mus *n.* (פא-דיס'-מאס) ספאזמען אין דיא מוסקולען פון דיא פיס.

po'dium *n.* (פאו'-די-אם) א פאדיום, אן עסטראדע, א פלאטפארמע [אין א פערזאמלונגס=זאאל].

podyperidro'sis *n.* (פאד-אי-פער-אי-דראו'-סיס) א שטארקע שוויצונג פון די פיס.

po'e *n.* (פאו'-ע) ז. *poe-bird*.

po'e-bird *n.* (פאו'-ע-בוירד) די פאע אדער דער פאסטאר=פויגעל. ז. *parson-bird*.

po'em *n.* (פאו'-עם) א פאעמא, א גע=דיכט.

poemat'ic *a.* (פאו-ע-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א פאעמא אדער געדיכט; ווי א פאעמא; פאעטיש.

poeph'agous *a.* (פא-עפ'-ע-גאס) וואס=שפייזט זיך מיט גראז, גראז=פרעסענד; וואס בעלאנגט צו דעם מין בייטעל=טהיע=רע, וועלכע שפייזען זיך מיט פלאנצען.

po'esy *n.* (פאו'-ע-סי) פאעזיע; די דיכט=קונסט.

po'et *n.* (פאו'-עט) א פאעט, א דיכטער.

po'etaster *n.* (פאו'-עט-עס-טער) א פא=עטעל, א גראמען=מאכער.

po'etastry *n.* (פאו'-עט-עס-טרי) גרא=מען=מאכעריי; שלעכטע פאעזיע.

po'etess *n.* (פאו'-עט-עס) א דיכטערין.

po'ethood *n.* (פאו'-עט-הוד) דאס זיין א פאעט.

poet'ic *a.* (פא-עט'-איק) פאעטיש, דיכ=טעריש.

poet'ical *a.* (פא-עט'-אי-קעל) ז. *poetic*.

poet'ically *adv.* (פא-עט'-אי-קעל-אי) אויף א פאעטישען אופן; אין בעצוג צו די כללים פון פאעזיע.

poet'ics *n.* (פא-עט'-איקס) די טעאריע פון פאעזיע.

poet'icule *n.* (פא-עט'-אי-קיול) ז. *poetaster*.

poetiza'tion *n.* (פאו-עט-אי-זיי'-שאן) דאס שרייבען אין פערזען; דאס פער=וואנדלען אין א פאעטישער פארם.

po'etize *v.* (פאו'-עט-איז) דיכטען, שרייבען געדיכטע; אויסדריקען אין א פא=עטישער פארם.

po'et lau'reate (פאו'-עט לאה'-רי-אייט) דער קעניגליכער הויף=פאעט אין ענגלאנד.

po'etry *n.* (פאו'-עט-רי) פאעזיע, דיכ=טונג; דיכט=קונסט.

po'etship *n.* (פאו'-עט-שיפ) ז. *poethood*.

poh *int.* (פאו) פוי, פע!

poig'nancy *n.* (פאי'-נען-סי) שארפ=קייט, בייסענדיגקייט, ביטערקייט; שטעכע=דיגקייט; שמערצליכקייט.

poig'nant *a.* (פאי'-נענט) שארף; בי=טער; בייסענד; שטעכענדיג; סאטיריש; העפטיג, זעהר שמערצליך.

poig'nantly *adv.* (פאי'-נענט-לי) מיט שארפקייט; בייסענד; שטעכענדיג; שמערצליך.

point *n. and v.* (פאינט) א פינטעל; א פונקט; א שפיץ; א זאך אדער אינ=סטרומענט וואס האט א שפיץ; א לאנד=שפיץ [א שמאל שטיקעל לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין ים]; א כאראקטעריסטישער שטריך אדער אייגענשאפט; דער עצם, דער תמצית פון א זאך; א בעשטימטער פלאץ אדער לאגע; א דעטאל, אן איינצעלהייט פון א סעריע זאכען; א מאמענט, אן אויגענבליק; א קליין שטריקעל אדער רימען [ווי איינס פון די שטריקלעך וועלכע הענגען אראב פון די ראנדען פון א שיף=זעגעל]; אן איינשניט אדער צייכען וואס ווערט גע=מאכט מיט א שארף פערשפיצטען אינסטרו=מענט; אין גראמאטיק — דאס פינטעל וואס בעצייכענט דעם ענד פון א זאץ; אן אויג [אין קארטען=שפיעל]; די האל=טונג אדער בעגעהמונג פון א יאגד=הונד, ווען ער געפינט אויס וואו די חיה אדער פויגעל האלט זיך אויף; די מינדעסטע זאך וואס איז כאראקטעריסטיש פאר פינקטליכקייט; א חוט=השערה; איינע פון 32 טיילען, אויף וועלכע דער קאמפאס אויף א שיף איז געטיילט; אין מאטע=מאטיק — א פונקט [דאס, וואס קען ניט געמאסטען ווערען אין דער לענג, ברייט אדער טיעף]; אין דרוקעריי — אן איינ=הייטס=מאס פון דער גרויס פון שריפט; דער עק פון א חיה; די טאמבורירטע שפי=צען אדער קרוזשעווע; שפיצען, צושפי=צען; שארפען; צוגעבען שארפקייט, מא=כען פיקאנט; בעצוועקען; ריכטען צו א געוויסען פונקט; אנצייגען, אנווייזען; ציי=הען די אויפמערקזאמקייט צו עפעס; פונק=טירען, פינטלען; ביי מוליארעס — אנפי=לען דעם פלאץ צווישען צונויפגעלעגטע ציעגעל מיט וואפנע און עס פערגלעטען; אנצייגען דאס ארט, וואו די יאגד=רויב געפינט זיך [ווענען א יאגד=הונד]; אנ=שטעלען איינעם; בעשטימען.

poin'tal *n.* (פאינ'-טעל) א שארף=שפיציגע זאך [ווי למשל, א פיסטיל פון א פלאנצע]; א ברוק אדער פאדלאגע אויסגעפלאסטערט מיט שרעג=ליעגענדע פיערעקיגע פלאטען. ז. *pointel*.

point a rope (פאינט ע ראופ) פערשפיצען א שטריק [ווי כדי דורכצוציהען איהם דורך א שמאל לעכעל].

point at (פאינט עט) מיט'ן פינגער וויזען אויף עפעס אדער אימעצען; אנצייגען.

point'-blank' *a., adv. and n.* (פאינט'-בלענק') גלייך אין פונקט, גלייך אין ציעל; אין א גלייכער ליניע; אויסדריקליך; גאנץ שארף; א שאס גלייך אין ציעל אריין.

He refused **point-blank** to obey the order.

point'-blank' range (פאינט'-בלענק' ריינדזש) די דיסטאנץ וואס א קויל פון א הארמאט פליהט אין א גלייכער ליניע, ניט אבבויגענדיג זיך צו דער ערד.

poin'ted *a.* (פאינ'-טעד) שפיציג, שארף פערשפיצט; שארף, שטעכיג, בייסענד [ווי א שטעך-ווערטעל]; דירעקט; דירעקט געציעלט אין א געוויסער פערזאן.

poin'ted arch (פאינ'-טעד ארטש) אין ארכיטעקטור — א פערשפיצטע ארקע, א פערשפיצטער בויגען.

poin'ted ball (פאינ'-טעד באהל) די שפיץ-קוגעל, א שיס-קוגעל אין דער פארם פון א קאנוס.

poin'tedly *adv.* (פאינ'-טעד-לי) אויף א פערשפיצטען שטייגער; בייסענד, שארף, קלוג; דייטליך, קלאר, דירעקט ציעלענד אין אימעצען.

poin'tedness *n.* (פאינ'-טעד-נעס) שפיציגקייט; שארפקייט [פון אן אויסדרוק].

poin'ted roof (פאינ'-טעד רוהף) דער מיטעלפע'דיגער גאטיישער דאך; דער שפיץ-דאך. ז. *Gothic style*.

poin'ted style (פאינ'-טעד סטאיל) אין ארכיטעקטור — דער גאטישער בוי-סטיל; דער סטיל פון פערשפיצטע ארקען אדער בויגענס. ז. *Gothic style*.

poin'tel *n.* (פאינ'-טעל) א שארפער שפיציגער אינסטרומענט; א מין קריץ-פען, וועלכע מען פלעגט בענוצען אין מיטעלאלטער; א שארף-פערשפיצטע זאך וואס איז ענליך צו א גריפעל אדער בליישטיפט [ווי דער פיסטיל אין א פלאנצע]; א ברוק אדער פאדלאגע וואס איז אויסגעפלאסטערט מיט שרעג-ליעגענדע פיערעקיגע פלאטען.

poin'ter *n.* (פאינ'-טער) אן אנצייגער, אן אנווייזער; דער ווייזער פון א זייגער אדער פון א קאמפאס; א טייטעל; אן אינסטרומענט מיט א שארפען שפיץ דורכצושניידען אדער דורכצייטשען עפעס; ביי מויערער — אן אינסטרומענט אויסצוהאקען די אלטע פערטריקענטע וואפנע צווישען די ציעגעל אין א מויער; דער הויבעל איבערצושטעלען די וויכע פון אן אייזענבאהן [די בעוועגליכע רעלסע אדער שינע, דורך וועלכער מען פיהרט איבער א צוג פון איין אייזענבאהן-ליניע אויף א צווייטער]; דער שפיר-הונד [א מין יאגד-הונד].

Pointer

poin'ter-dog *n.* (פאינ'-טער-דאג) דער שפיר-הונד. ז. *pointer*.

point'-fin'der *n.* (פאינט' פאינ'-דער) אין פערספעקטיוו-צייכנונג — אן אינסטרומענט, דורך וועלכען עס ווערט בעשטימט דער פערשווינדע-פונקט אין א צייכנונג. ז. *vanishing-point*.

poin'ting *n.* (פאינ'-טינג) דאס פונקטירען, דאס שטעלען אבשטעל-צייכענס [אין שרייבען]; די פונקטיר-צייכענס, די אבשטעל-צייכענס; דאס ארויסהאקען די פערטריקענטע וואפנע צווישען ציעגעל אין א מויער און דאס אנפילען דעם לעדיגען פלאץ מיט נייער וואפנע; אין סקולפטור — דאס אבצייכנען מיט פונקטען די אויסערע ליניען פון א מאדעל אום איהם צו רעפראדוצירען אין מארמאר; אין גרויסע מיהלען — דער ערשטער פראצעס אין מאהלען קארן [דאס אברייניגען די קערנדלעך פון די אנגעוואקסענע שפיצלעך און פון שאלעכץ].

poin'ting-machine' *n.* (פאינ'-טינג-מע-שין') א מאשין צו פערשפיצען פלעקלעך, טשוועקלעך, נאדלען, שפילקעס א. ד. ג.; אן אפאראט וואס ווערט בענוצט פון סקולפטארען אבצוצייכנען מיט פונקטען די אויסערע ליניען פון א סקולפטור-מאדעל אום איהם צו רעפראדוצירען פינקטליך אין מארמאר; א מאשין וואס לעגט אויס אבגעדרוקטע בויגענס פאפיער אום זיי צו בעשניידען.

poin'ting-stock *n.* (פאינ'-טינג-סטאק) א געגענשטאנד פון שפאט [א זאך פון וועלכער מען לאכט אב]. ז. *laughing-stock*.

point'-lace *n.* (פאינט'-לייס) דין טאמבורירטע שפיצען אדער קרוזשעווע.

point'less *a.* (פאינט'-לעס) 1. אהן א שפיץ; טעמפ; ניט שטעכיג; 2. ניט צום פונקט, ניט צו דער זאך.

2. The argument was **pointless**.

point of attack' (פאינט אוו ע-טעק') דער פונקט אין א פעסטונג, אויף וועלכען עס איז געריכטעט די הויפט אטאקע פון שונא.

point of con'tact (פאינט אוו קאנ'-טעקט) א בעריהרונגס-פונקט.

The relationship of buyer and seller is our only **point of contact**.

point of con'troversy (פאינט אוו קאנ'-טרא-וואיר-סי) א שטרייט-פונקט.

point of exclama'tion (פאינט אוו עקס-קלע-מיי'-שאן) אן אויסגעשריי-צייכען אין שריפט [!].

point of hon'or (פאינט אוו אנ'-אר) אן עהרען-פונקט, אן עהרען-פראגע, א זאך אדער ווארט וואס ריהרט אן איינעמס עהרע.

point of in'cidence (פאינט אוו אינ'-סי-דענס) אין אפטיק — א פונקט אויף אן אויבערפלעכע, אויף וועלכער עס פאלט א ליכט-שטראהל.

point of interroga'tion (פאינט אוו אינ-טער-א-גיי'-שאן) א פראגע-צייכען [?].

point of land (פאינט אוו לענד) א לאנד-שפיץ [א שמאל שטיקעל לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין וואסער].

point of law (פאינט אוו לאה) א יורידישער פרינציפ אדער רעגעל; א זאך וואס איז שייך צו יוריספרודענץ.

point of or'der (פאינט אוו אהר'-דער) א בעמערקונג צום טאגעס-ארדנונג [א פראגע וואס ווערט געשטעלט צום פארזיצענדען פון דער פערזאמלונג אדער צו דער פערזאמלונג גופא איבער דער פונקט וואס ווערט פערהאנדעלט איז געזעצליך לויט די פארלאמענטארישע רעגעלען אדער לויט דער קאנסטיטוציאן פון דער ארגאניזאציאן].

point of se'cancy (פאינט אוו סיע'-קענ-סי) אין מאטעמאטיק — דער שניט-פונקט [ווען א ליניע שניידט דורך א קרייז].

point of sight (פאינט אוו סאיט) דער שטאנדפונקט, דער געזיכטס-פונקט, דער פונקט פון וועלכען מען בעטראכט עפעס.

point of view (פאינט אוו וויו) דער שטאנדפונקט.

From the **point of view** of America, European countries are unprogressive.

point of vi'sion (פאינט אוו וויזש'-אן) דער שטאנדפונקט, דער געזיכטס-פונקט, דער פונקט, פון וועלכען עטוואס ווערט בעטראכט אדער בעאבאכטעט.

point out (פאינט אוט) אנצייגען, אנווייזען, צייגען, ווייזען, אנווינקען; בעצייכנען; בעשטימען.

points'man *n.* (פאינטס'-מען) אין ענגלאנד — דער וויכען-שטעלער אויף אן אייזענבאהן [דער ארבייטער וועלכער שטעלט איבער די בעוועגליכע רעלסע אדער שינע אום אריבערצופיהרען א צוג פון איין אייזענבאהן-ליניע אויף א צווייטער].

points'man's house (פאינטס'-מענז האוס) דאס הייזעל פון אייזענבאהן-וועכטער.

points of the com'pass (פאינטס אוו טהי קאמ'-פעס) די פונקטען, וואו די 32 ליניען וואס געהען ארויס פון צענטער פון א קאמפאס שניידען זיך איבער מיט דעם קרייז.

point to (פאינט טו) צייגען אויף עפעס.

point'-to-point' *adv.* (פאינט'-טו-פאינט') אין א גלייכער ליניע; פון איין ענדע-פונקט ביז'ן צווייטען.

poise *v. and n.* (פאיז) וועגען, אבוועגען; באלאנסירען; איבערלעגען זיך; זיין אין גלייכגעוויכט מיט עפעס אדער אימעצען; האלטען אין גלייכגעוויכט; אראבוועגען, אראבדריקען; הענגען [ווי אין דער לופטען], זיין אונבעשטימט; געוויכט, שווערקייט; א וואג; א געגען-געוויכט, א גלייכגעוויכט; געזעצטקייט, רוהיגקייט, גלייכמעסיגקייט [אין כאראקטער]; דאס הענגען אין דער לופט; דאס באלאנסירען.

poised *a.* (פאיזד) אבגעוואגען; גלייך שווער, אין גלייכגעוויכט.

poise down (פאיז דאון) איבערוועגען, ארונטערדריקען.

poise'less *a.* (פאיז'-לעס) אהן געוויכט; זעהר לייכט.

poi'ser *n.* (פאי'-זער) איינער וואס וועגט, אן אבוועגער.

poi'son *n. and v.* (פאיזן) גיפט, סם; פערגיפטען; פערפעסטען, פערדארבען.

poi'sonable *a.* (פאי'זנ-עבל) וואס קען פערגיפטעט אדער פער'סמ'ט ווערען.

poi'son-ash *n.* (פאי'זנ-עש) ז. *poison-sumac*.

poi'son-bag *n.* (פאי'זנ-בעג) ז. *poison-sac*.

poi'son-cup *n.* (פאי'זנ-קאפ) דער גיפט-בעכער [אזא בעכער אדער קרוג, וועלכער, ווי מען האט געגלויבט, ווערט צובראכען, ווען מען גיסט אין איהם אריין גיפט און דערמיט קען מען ענטדעקען אויב די פליסיגקייט, וואס איז אין איהם אריינגעגאסען, איז פערגיפטעט].

poi'son-dog'wood *n.* (פאי'זן-דאג'-הוואוד) ז. ***poison-sumac***.

poi'son-el'der *n.* (פאי'זן-על'-דער) ז. ***poison-sumac***.

poi'soner *n.* (פאי'זן-ער) א פערגיפטער, א גיפט-מישער; א פערדארבער.

poi'son-fang *n.* (פאי'זן-פענג) דער גיפט-צאהן [פון א שלאנג].

poi'son-hem'lock *n.* (פאי'זן-העמ'-לאק) ז. ***hemlock***.

poi'son-i'vy *n.* (פאי'זן-אי'-ווי) א גיפטיגער קוסט אדער בוש מיט דינע צווייגלעך וואס קלעטערען און פלעכטען זיך איבער בוימער, פעלזען א. ד. ג.

poi'son-nut *n.* (פאי'זן-נאט) דער ברעך-נום [א מין פלאך-רונדעם זעהר גיפטיגעם קערנדעל פון אן אזיאטישען בוימעל].

poi'son-oak *n.* (פאי'זן-אוק) ז. ***poison-ivy***.

poi'son-or'gan *n.* (פאי'זן-אהר'-גען) א גיפטיגער ארגאן אדער גליעד.

poi'sonous *a.* (פאי'זן-אס) גיפטיג; זעהר שעדליך, געפעהרליך.

poi'sonously *adv.* (פאי'זן-אס-לי) אויף א גיפטיגען, שעדליכען אדער געפעהרליכען שטייגער.

poi'sonousness *n.* (פאי'זן-אס-נעס) גיפטיגקייט; פערדערבליכקייט.

poi'son-sac *n.* (פאי'זן-סעק) א גיפט-האלטער, א גיפט-בייטעל אדער גיפט-דריזע [ווי ביי שלאנגען].

poi'son-su'mac *n.* (פאי'זן-שוה'-מעק) א קליין זעהר שעהן און גיפטיג בוימעל פון די מערב-געגענדען פון צפון-אמעריקא.

poi'son the mind (פאיזן טהי מאינד) 1. פערגיפטען דעם מוח, גייסטיג פערדארבען; 2. ארויסרופען האס אדער פערביסענהייט נעגען אימעצען.

2. The stepmother poisoned the father's mind against the children.

poi'son-tooth *n.* (פאי'זן-טוהטה) ז. ***poison-fang***.

poi'son-tree *n.* (פאי'זן-טריע) א גיפטיג בוימעל פון דרום-אזיען און אויסטראליען.

poissarde' *n.* (פוא-סארד') א גנב; א געמיינע פרוי; א מארק-פרוי, א סערעכע.

poi'trel *n.* (פאי'-טרעל) אן אייזערנער פאנציר צו בעשיצען די ברוסט פון א קריעגס-פערד [אין מיטעלאלטער].

poi'trine *n.* (פאי'-טרין) א ברוסט-פאנצער [פאר א מענשען אדער פאר א פערד].

pokal' *n.* (פא-קאל') א באקאל, א בעכער.

poke *v. and n.* (פאוק) אריינרוקען, אריינשטעקען; דורכשטעכען, אריינשטעכען; געבען א לייכטען שטויס אדער שטופ; אויפוועקען אדער אויפרעגען אימעצען; געהן לאנגזאם מיט פוילע טריט; טאפען אין דער פינסטער; דאס אריינרוקען, דאס אריינשטעכען; א זאק, וואס מען שטעכט אדער שטעקט אריין [ווי א שארף פלעקעל, אן אהל א. ד. ג.]; א מין האלזבאנד אדער קראגען מיט א צוגעבונדענעם קורצען שטאנג, וואס מען טהוט אן אויף'ן האלז פון א בהמה אדער חיה אום זי זאל ניט קענען ארויסגעהן פון אן ארומגעצאמטען פלאץ; איינער וועלכער געהט לאנגזאם מיט פוילע טריט; א פוילאק, א לעדיג-געהער; אן אלטמאדישער פרויען-הוט מיט אן ארויסגעשטארצטען פראנט; א טאש, א קעשענע; א זעקעל; דער לופט-פענכער פון א פיש; די קערמעס-בעערע [א מין אמעריקאנער גראז].

poke at home (פאוק עט האום) זיצען אין דער היים, זיך ניט ריהרען פון שטוב.

poke'-bon'net *n.* (פאוק'-באנ'-עט) א הויכער פרויען-הוט מיט אן ארויסגעשטארצטען פראנט וואס מען פלעגט טראגען אין אנהויב פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט.

poke fun (פאוק פאן) שפאס מאכען, טרייבען קאטאוועס.

poke fun at (פאוק פאן עט) אויסלאכען איינעם, אבשפאטען.

poke'-net *n.* (פאוק'-נעט) א נעץ אויף א שטעקען. ז. ***pole-net***.

poke out (פאוק אוט) ארויסשטופען, ארויסרייסען, ארויסציהען; ארויסשטעקען, ארויסשטארצען.

poke out one's way (פאוק אוט הוואנז הוויי) אויסגעפינען דעם וועג טאפענדיגערהייד.

po'ker *n.* (פאו'-קער) א קאטשערע, א פייער-פערשארער, א שאר-אייזען; פאקער [אזא אמעריקאנער קארטען-שפיעל]; א שרעק-בילד, א סטראשידלע.

Poker

po'kerish *a.* (פאו'-קער-איש) 1. וואס ווארפט אן א פחד; מורא'דיג; 2. ווי א קאטשערע; שטייף.

1. There is something **pokerish** about a deserted dwelling, even in broad daylight. 2: Trying to be reserved he looks stiff and **pokerish**.

po'kerishly *adv.* (פאו'-קער-איש-לי) שטייף; ווי א קאטשערע.

po'ker-pain'ting *n.* (פאו'-קער-פיינ'-טינג) דאס מאכען א בילד אויף האלץ מיט א צוגליהטען אייזען.

po'ker-pic'ture *n.* (פאו'-קער-פיק'-טשור) א בילד וואס איז געמאכט אויף האלץ מיט א צוגליהטען אייזען.

poke'weed *n.* (פאוק'-הוויעד) א מין אמעריקאנער צווייגיג גראז מיט ווייסע בליהונגען און מיט פורפור-רויטע יאגדעס.

po'king *a.* (פאו'-קינג) נידריג, קנעכטיש, געמיין.

po'ky *a.* (פאו'-קי) טעמפ, דום, נאריש [וועגען מענשען]; ענג, שמאל [וועגען א פלאץ]; ארים, געמיין.

polac'ca *n.* (פא-לעק'-א) א מין שיף מיט צוויי אדער דריי מאסטען [אין מיטעללענדישען ים]; א פאלאנעז [אזא טאנץ], די מוזיק פון א פאלאנעז.

Po'lack *n.* (פאו'-לעק) א פאליאק, א פוילישער.

pola'cre *n.* (פא-לא'-קער) א שיף מיט צוויי אדער דריי מאסטען; א מאסט וואס איז געמאכט פון איין שטיק האלץ.

Po'lander *n.* (פאו'-לענ-דער) א פאליאק, א פוילישער.

po'lar *a.* (פאו'-לאר) פאלאר, וואס איז שייך צום פאל אדער צום ענד-פונקט פון דער אימאגינערער [פארגעשטעלטער אין געדאנק] אקס-ליניע פון א קוגעל; וואס איז שייך צום פאל פון ערד-קוגעל; וואס געפינט זיך אדער וואס קומט פון די פאלארע געגענדען פון דער ערד; וואס איז שייך צום פאל אדער צום ענד-פונקט פון א מאגנעט.

po'lar bear (פאו'-לאר בעהר) דער אייז-בער [דער ווייסער בער וואס לעבט אין די קאלטע געגענדען ארום נארד-פאל פון דער ערד].

Polar Bear

po'lar cir'cles (פאו'-לאר סוירקלז) די פאלאר-קרייזען [די ביידע קרייזען אויף דעם ערד-קוגעל, וואס ליעגען פאראלעל צום עקוואטאר און שטעהען אב פון די פאלען אויף א שטרעקע פון 23½ גראד. די פאלאר-קרייזען בעצייכנען די גרענעץ פון די קאלטע פאלאר-געגענדען פון דער ערד].

po'lar dis'tance (פאו'-לאר דיס'-טענס) די דיסטאנץ אדער דער מרחק פון א געוויסען פונקט אויף א קוגעל ביז דעם פאל פון דיעזען קוגעל.

polarim'eter *n.* (פאו-לע-רימ'-ע-טער) א פאלאריסקאפ. ז. ***polariscope***.



Polariscope

polar'iscope *n.* (פא-לער'-אי-סקאופ) א פאלאריסקאפ [אן אינסטרומענט צו אונטערזוכען פאלאריזירטעס ליכט]. ז. ***polarization of light***.

po'larise *v.* (פאו'-לאר-איז) ז. ***polarize***.

polar'ity *n.* (פא-לער'-אי-טי) פאלאריטעט; דאס האבען צוויי ענטגעגענגעזעצטע פאלען; דער אונטערשיעד אין געוויסע פיזישע אייגענשאפטען, וואס ווייזט זיך ארויס אין צוויי ענטגעגענגעזעצטע פונקטען אדער פאלען פון א זאך [ווי פון א מאגנעט, א ליכט-שטראהל א. ד. ג.]; דאס זיין צוגעצויגען צו איין פאל און אבגעשטויסען פון צווייטען; פאלאריזאציאן, די נאטור פון א ליכט-שטראהל צו בעזיצען פערשיעדענע אייגענשאפטען אין זיינע פערשיעדענע ריכטונגען.

po'larizable *a.* (פאו'-לאר-אי-זעבל) וואס קען פאלאריזירט ווערען. ז. ***polarization***.

polariza'tion *n.* (פאו-לאר-אי-זיי'-שאן) פאלאריזאציאן, דער אונטערשיעד אין געוויסע פיזישע אייגענשאפטען, וואס ווייזט זיך ארויס אין צוויי ענטגעגענגעזעצטע ענדען אדער פאלען פון א זאך; אין אפטיק — די נאטור פון א ליכט-שטראהל צו בעזיצען פערשיעדענע אייגענשאפטען אין זיינע פערשיעדענע ריכטונגען; אין עלעקטריציטעט — דאס אבזעצען זיך פון גאזען אויף די עלעקטראדען אין אן עלעקטרישער באטעריי דורך די מאלעקולארע בעוועגונגען וואס ווערען ארויסגערופען פון דעם עלעקטרישען שטראם.

polariza'tion of light (פאו-לאר-אי־זיי'-שאן אוו לאיט) די פּאלאריזאציאן פון ליכט, די אייגענשאפט וואס א ליכט־שטראהל בעקומט דורך געוויסע בעדינ־גונגען, דאס אלע וויבראציאנען [בעווע־גונגען] פון עטהער אין דיזען שטראהל קומען פאר אין איין איינציגער פלעכע, ווערענד אין א געווענליכען ליכט־שטראהל קומען דיזע וויבראציאנען פאר אין פערשיעדענע פלעכען. אזא פאלארי־זירטער שטראהל פערלירט די פעהיגקייט רעפלעקטירט [צוריקגעווארפען] צו ווע־רען אדער געבראכען צו ווערען [א ליכט־שטראהל ווערט פאלאריזירט, ווען ער ווערט רעפלעקטירט אדער צוריקגעווארפען פון א שפיגעל, פון א וואסער־פלעכע א. ד. ג., ווען ער ווערט דורכגעלאזען דורך א סע־ריע דורכזיכטיגע גלאז־פלאטען, וועלכע שטעהען אין א פאראלעלער ריכטונג צו דעם איינפאלס־ווינקעל פון דעם שטראהל און דורך א דאפעלטער שטראהלען־ברע־כונג].

po'larize *v.* (פאו'-לאר-איז) פאלארי־זירען [ווי דאס ווערט געטהאן מיט א ליכט־שטראהל, אז ער זאל פערלירען די פעהיגקייט רעפלעקטירט אדער געבראכען צו ווערען. ז. *polarization of light*]; אין עלעקטריציטעט — בעדעקען מיט א גאז־שיכט דורך דער ווירקונג פון עלעק־טרישען שטראם [ווי דאס פאסירט מיט דער נעגאטיווער פלאטע פון א וואלטאי־שער באטעריי].

po'larized *a.* (פאו'-לאר-איזד) פאלארי־זירט. ז. *polarize*

po'larizer *n.* (פאו'-לאר-אי-זער) דער טייל פון א פאלאריסקאפ [אן אפטישער אינסטרומענט צו אונטערזוכען פאלארי־זירטעס ליכט] דורך וועלכען עס ווערט פאלאריזירט דאס ליכט. ז. *polariscope*

po'lar lights (פאו'-לאר לאיטס) דאס נארד־ליכט [א ליכט־ערשיינונג וואס טרעפט זיך אפט אין די פאלאר־לענדער און ווייזט זיך ארויס ווי זעהר א גרוי־סער העל־שיינענדער בויגען פון א בלייך־געלבען קאליר מיט שטראהלען וואס שיי־נען אב אויף זעהר א ווייטער שטרעקע].

po'lar star (פאו'-לאר סטאר) דער פאָ־לאר־שטערן, דער פלאנעט ווענוס.

pol'der *n.* (פאל'-דער) א נידריגעס און זומפיגעס שטיק לאנד, וואס איז ארומגע־בויט מיט א וואל אום עס זאל ניט פערר־פלייצט ווערען פון וואסער [אזעלכע שטיקער לאנד זיינען פאראן פיעל אין האָ־לאנד און צפון־דייטשלאנד].

pole *n.* and *v.* (פאול) [איי־] דער פאל [פאָ־נער פון די צוויי ענד־פונקטען פון אן אקס־ליניע, וואס שניידט דורך א קוגעל]; דער נארדליכער אדער זידליכער ענד־פונקט פון דער ערד; איינער פון די צוויי פונקטען אין הימעל־געצעלט, וואו די אי־מאגינער [פארגעשטעלט] פערלענגערטע אקס־ליניע פון דער ערד שניידט דורך דעם הימעל; דער פאלאר־שטערן; איינער פון די צוויי פונקטען פון א מאגנעט, עלעק־טרישער באטעריי א. ד. ג., אויף וועלכע עס זיינען קאנצענטרירט ענטגעגענגעזעצ־טע פיזישע אייגענשאפטען [ווי צוציהונג און אבשטויסונג]; א שטאנג; א לאנ־גער פערשפיצטער פלאקען; דער דייק־סעל אדער דישעל פון א וואגען; דער מאס־רוט [א שטאנג צו מעסטען לאנד. האלט 16½ פוס]; אנשטעלען פלעקער אלס שטיץ־שטאנגען; אנבינדען אויף שטאנגען [ווי די שטענ־לעך פון באב־פלאנצען]; טראגען אויף שטאנגען; טרייבען אדער שטופען [א שיף] מיט א האקען־שטאנג [קעקשע].

Pole *n.* (פאול) א פאליאק, א פוילישער, א געבארענער אדער איינוואהנער פון פוי־לען.

pole'ax *n.* (פאול'-עקס) א פארצייטיגע וואפע אין דער פארם פון א האק אויף א לאנגען שטעקען; א שטרייט־האק.

pole'cat *n.* (פאול'-קעט) א טכויר, אן אילטיס, א שעשקע.

Polecat

pole'-chan'ger *n.* (פאול'-טשיינ'-דזשער) א פאל־ווענדער, א שטראם־ווענ־דער [א פארריכטונג, דורך וועלכער מען קען אומבייטען די ריכטונג פון אן עלעק־טרישען שטראם].

pole'-fence *n.* (פאול'-פענס) א צאם פון אריינגעשלאגענע פלעקער.

pole'-hedge *n.* (פאול'-העדזש) ז. *pole-fence*

pole'-hook *n.* (פאול'-הוק) א האקען אדער קרוק אויף דעם ענד פון א דייקסעל אדער דישעל פון א וואגען.

pole'-horse *n.* (פאול'-האהרס) א דישעל־פערד [דאס מיטעלסטע פערד אין די אלאבלעס]

pole'less *a.* (פאול'-לעס) אהן א דייק־סעל אדער דישעל [וועגען א וואגען].

pol'emarch *n.* (פאל'-ע-מארק) דער פאלעמארך [דער טיטול פון א הויכען בעאמטען אין אלט־גריכענלאנד].

pole'-mast *n.* (פאול'-מעסט) א מאסט [אויף א שיף] וואס איז געמאכט פון איין בוים.

polem'ic *a.* and *n.* (פא-לעמ'-איק) פא־לעמיש, וואס איז שייך צו א פאלעמיק [א מינדליכער אדער שריפטליכער שטרייט וועגען א ליטערארישער, ווימענשאפטלי־כער אדער סאציאל־פאליטישער פראגע]; א פאלעמיק, א פלונתא, א ווארט־שטרייט; א פאלעמיקער, איינער וואס פיהרט אן א מינדליכען אדער שריפטליכען שטרייט וועגען א געוויסער פראגע.

polem'ical *a.* (פא-לעמ'-אי-קעל) פא־לעמיש, וואס איז שייך צו א פאלעמיק. ז. *polemic*

polem'ically *adv.* (פא-לעמ'-אי-קעל־אי) אויף א פאלעמישען שטייגער; פיה־רענדיג א מינדליכען אדער שריפטליכען שטרייט איבער א געוויסער פראגע.

polem'ics *n.* (פא-לעמ'-איקס) פאלעמיק, דאס האלטען וויכוחים איבער געוויסע פראגען; די געשיכטע אדער די ארט־און־ווייזע פון פיהרען וויכוחים איבער פער־שיעדענע רעליגיעזע פראגען.

pol'emist *n.* (פאל'-ע-מיסט) א פא־לעמיסט, א פאלעמיקער, איינער וואס פיהרט אן א מינדליכען אדער שריפטלי־כען שטרייט איבער א געוויסער פראגע.

pol'emoscope *n.* (פאל'-ע-מא-סקאופ) א מיליטערישער שפאקטיוו, דורך וועלכען מען קען קוקען אין אלע זייטען אין איין צייט.

pole'-net *n.* (פאול'-נעט) א נעץ אויף א שטעקען.

polen'ta *n.* (פא-לענ'-טא) פאלענטא, מא־מאליגע [א קאשע פון מאאיס אדער קוי־קורוזע־מעהל].

pole'-plate *n.* (פאול'-פלייט) דער האָ־ריזאנטאל־ליגענדער באלקען, אויף וועל־כען עס האלטען זיך די קראקוועס פון א דאך.

pole'-star *n.* (פאול'-סטאהר) דער פאָ־לאר־שטערן, דער נארד־שטערן; דאס וואס דיענט אלס פיהרער אדער וועגווייז־זער.

pole'-strap *n.* (פאול'-סטרעפ) א דיקער רימען, וואס פעראייניגט א וואגען־דישעל מיט'ן האלז פון דעם איינגעשפאנטען פערד.

pole'-vault *n.* (פאול'-וואהלט) א שפרונג [איבער א קלאץ] מיט דער הילף פון א לאנגען שטעקען.

pole'-vault'ing *n.* (פאול'-וואהלט-אינג) דאס שפרינגען מיט דער הילף פון א שטעקען.

pole'ward *adv.* (פאול'-הווארד) אין דער ריכטונג צום נארד אדער זיד־פאל.

pole'wards *adv.* (פאול'-הווארדז) ז. *poleward*

po'ley *a.* (פאו'-לי) אהן הער־נער, לאבאטע.

police' *n.* and *v.* (פא-ליעס') 1. פאלי־ציי; עפענטליכע ארדנונג און פערוואל־טונג; 2. דאס אבריניגען, דאס בריינגען אין ארדנונג; ערפילונג פון נים מיליטע־רישע פליכטען [ביי מיליטער]; 3. בע־וואכען, אויפהאלטען ארדנונג; בעשיצען [דורך פאליציי]; אבריינינען, בריינגען אין ארדנונג [ביי מיליטער].

3. It is difficult to **police** the town during a strike.

police' board (פא-ליעס' באורד) א קאמיטעט וואס פערוואלטעט דעם פאליציי־דעפארטאמענט פון א שטאדט.

police' cap'tain (פא-ליעס' קעפ'-טיין) א פאליציי־קאמיסאר [פריסטאוו].

police' commis'sioner (פא-ליעס' קא-מיש'-אנ-ער) א פאליציי־פרעפעקט, דער הויפט פון דעם פאליציי־דעפארטא־מענט אין א שטאדט.

police' con'stable (פא-ליעס' קאנ'-סטעבל) א פאליציסט.

police' court (פא-ליעס' קאורט) א פאליציי־געריכט.

police' force (פא-ליעס' פאורס) די פאליציי.

police' inspec'tor (פא-ליעס' אינ-ספעק'-טאר) א פאליציי־אינספעקטאר, דער העכסטער פאליציי־בעאמטער פון א שטאדט־דיסטריקט.

police' jus'tice (פא-ליעס' דזשאס'-טיס) ז. *police magistrate*

police' mag'istrate (פא-ליעס' מעדזש'-איס-טרייט) א פאליציי־ריכטער, א ריכטער פון א פאליציי־געריכט.

police'man *n.* (פא-ליעס'-מען) א פא־ליציסט.

police'-nip'pers *n.* (פא-ליעס'-ניפ'-ערז) קאנדאלען.

police' of'fice (פא-ליעס' אפ'-איס) ז. *police station*

police' of'ficer (פא-ליעס' אפ'-אי-סער) א פאליציסט.

police' rate (פא-ליעס' רייט) א שטאדטישער שטייער צום אויסהאלטען די פאליציי [אין ענגלאנד].

police' ser'geant (פא-ליעס' סאר'-דזשענט) א פאליציי־סערזשאנט, א קליי־נער פאליציי־בעאמטער.

police' sta'tion (פא-ליעס' סטיי'-שאן) א פאליציי־צירקעל, א פאליציי־וואך.

policlin'ic *n.* (פאל-אי-קלינ'-איק) א פאליקליניק, אן אלגעמיינער שטאדטישער שפיטאל. ז. *polyclinic*.

pol'icy *n.* (פאל'-אי-סי) 1. פאליטיק; טאקטיק; טאקטישקייט; 2. א פערזיכערונגס־צייגניס, א פאליסע; א רעגירונגס־אקציע [אין ענגלאנד]; דאס וועטען אויף לאטערעע־נומערען.

1. Honesty is the best **policy**.

pol'icy-book *n.* (פאל'-אי-סי-בוק) א בוך פון א פערזיכערונגס־געזעלשאפט, וואו עס זיינען פערשריבען די פאליסעס אדער פערזיכערונגס־צייגניסע, וואס די געזעלשאפט האט ארויסגעגעבען.

pol'icy-hol'der *n.* (פאל'-אי-סי-האול'-דער) דער בעזיצער פון א פערזיכערונגס־שיין [פאליסע], א פערזיכערטער, אן אסעקורירטער.

pol'icy-shop *n.* (פאל'-אי-סי-שאפ) א פלאץ וואו מען וועט אויף לאטערעע־נומערען.

pol'icy-slip *n.* (פאל'-אי-סי-סליפ) א צייגניס וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף דעם איינגעלעגטען געלד ביים וועטען אויף לאטערעע־נומערען.

poliencephali'tis *n.* (פאל-אי-ענ-סעפ-ע-לאי'-טיס) ענטציגדונג פון דעם גרויען מארך־שטאף אין קאפ.

po'ling *n.* (פאו'-לינג) דאס נעבערויכען א פלאקען; דער הילצערנער ארומשלאג אדער אויספוטערונג אין א טונעל; זיך אנשטאפען דעם קאפ [לערנענדיג פאר אן עקזאמען].

poliomyeli'tis *n.* (פאל-אי-א-מאי-ע-לאי'-טיס) ענטציגדונג פון דעם גרויען שטאף פון דעם רוקען־מארך.

pol'ish *v. and n.* (פאל'-איש) 1. פאלירען, שלייפען, גלאט מאכען, ארויפציהען א גלאנץ; 2. פערפיינערען, אויסעדלען, מאכען עלעגאנט; 3. קריעגען א גלאנץ, ווערען גלאט אדער פאלירט; שמייסען, שלאגען; 4. גלאטקייט, גלאנץ, פאלירטקייט, געשליפענקייט, פאליטור; 5. עלעגאנץ, פערפיינערונג.

1. Let me **polish** my shoes. 5. A college education gives a man **polish**.

Po'lish *a. and n.* (פאו'-ליש) פוילישׁ; די פוילישע שפראך; א מין שעהנע הוהן; דאמקעס.

pol'ishable *a.* (פאל'-איש-עבל) וואס קען פאלירט ווערען אדער געשליפען ווערען; וואס קען געמאכט ווערען גלאט אדער גלאנציג.

Po'lish ber'ry (פאו'-ליש בער'-אי) א מין אינזעקט, פון וועלכען מען מאכט רויטע פארב.

Po'lish check'ers (פאו'-ליש טשעק'-ערז) דאמקעס.

Po'lish draughts (פאו'-ליש דרעפטס) ז. *Polish checkers*.

pol'ished *a.* (פאל'-אישט) 1. פאלירט; געשליפען, גלאנציג, גלאט; 2. פיין, עלעגאנט, העפליך.

2. He is a man of refined, **polished** manners.

pol'isher *n.* (פאל'-איש-ער) איינער אדער עטוואס וואס פאלירט, שלייפט, מאכט גלאט אדער גלאנציג; א פאלירער; א בוכבינדער־אינסטרומענט צו מאכען גלאט און גלאנציג דאס לעדער פון'ם באנד.

pol'ishing *n.* (פאל'-איש-אינג) דאס פאלירען אדער שלייפען; פאליטור; פערפיינערונג.

pol'ishing-bed *n.* (פאל'-איש-אינג-בעד) אזא מאשין צו שלייפען שטיינער.

pol'ishing-cask *n.* (פאל'-איש-אינג-קעסק) א פעסעל, אין וועלכען קליינע מעטאלענע זאכען ווערען בעדעקט מיט פאליר־שטאף און ווערען פאלירט רייבענדיג זיך איינע אין די אנדערע, ווען דאס פעסעל ווערט געבראכט אין בעוועגונג.

pol'ishing-disk *n.* (פאל'-איש-אינג-דיסק) א שלייף־רעדעל [אן אינסטרומענט פון דענטיסטען צו שלייפען ציינער].

pol'ishing-i'ron *n.* (פאל'-איש-אינג-אי'-ערן) א פאליר־אייזען, א גלעט־אייזען אין בוכבינדעריי; א פלעט־אייזען אין א וואש־הויז צו פרעסען אנגעקראכמאלעטע וועש.

pol'ishing-machine' *n.* (פאל'-איש-אינג-מע-שין') א פאליר־מאשין, א שלייף־מאשין, א מאשין צו מאכען גלאט און גלאנציג [מעטאלען, שטיינער, גלאז א. ז. וו.].

pol'ishing-paste *n.* (פאל'-איש-אינג-פייסט) שוה־וואקס; מעבעל־פאליטור [אין א פערהארטעוועטער אדער טייגיגער פארם].

pol'ishing-pow'der *n.* (פאל'-איש-אינג-פאו'-דער) פאליר־פולווער.

pol'ishings *n.* (פאל'-איש-אינגז) דער שלייף־שטויב, דער שטויב וואס קומט אראב ביים שלייפען [הויפטזעכליך פון עדעלשטיינער].

pol'ishing-slate *n.* (פאל'-איש-אינג-סלייט) דער פאליר־שיעפער [א שיעפערשטיין, מיט וועלכען מען פאלירט גלאז, מארמאר א. ז. וו.]; א מין שארפשטיין [צו שארפען און שלייפען געצייג].

pol'ishing-stone *n.* (פאל'-איש-אינג-סטאון) ז. *polishing-slate*.

pol'shing-wheel *n.* (פאל'-איש-אינג-הוויעל) א פאליר־ראד [א ראד, אויף וועלכען מען פאלירט, מען מאכט גלאט און גלאנציג פערשיעדענע זאכען].

pol'ish off (פאל'-איש אף) שנעל אב'פטר'ען.

polite' *a.* (פא-לאיט') 1. העפליך, עדעל, פיין; גוט־ערצויגען; 2. ראפינירט, פערפיינערט, געשליפען [אין סטיל].

1. Children should be taught to be **polite**.

polite' arts (פא-לאיט' ארטס) די שעהנע קינסטע.

polite' lit'erature (פא-לאיט' ליט'-ע-רע-טשור) די שעהנע ליטעראטור, בעלעטריסטיק.

polite'ly *adv.* (פא-לאיט'-לי) מיט העפליכקייט; אויף אן עדעלען, פיינעם, גוט־ערצויגענעם אופן.

polite'ness *n.* (פא-לאיט'-נעס) העפליכקייט, עדעלקייט, פיינקייט.

polite' soci'ety (פא-לאיט' סא-סאי'-ע-טי) די הויכע געזעלשאפט.

politesse' *n.* (פאל-אי-טעס') ז. *politeness*.

pol'itic *a.* (פאל'-אי-טיק) פאליטיש; קלוג, וועלט־קלוג, כיטרע.

polit'ical *a. and n.* (פא-ליט'-אי-קעל) פאליטיש; א ציווילער בעאמטער; א פאליטישער פערברעכער.

polit'ical assess'ments (פא-ליט'-אי-קעל ע-סעס'-מענטס) בייסטייערונגען פון בעאמטע און וואהל־קאנדידאטען פאר א וואהל־אגיטאציאן [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

polit'ical econ'omist (פא-ליט'-אי-קעל אי-קאנ'-א-מיסט) אן עקאנאמיסט, א קענער פון פאליטישער עקאנאמיע, א לעהרער פון פאליטישער עקאנאמיע, א שרייבער איבער פאליטישער עקאנאמיע. ז. *political economy*.

polit'ical econ'omy (פא-ליט'-אי-קעל אי-קאנ'-א-מי) פאליטישע עקאנאמיע [די וויסענשאפט, וועלכע פארשט די געזעצע פון דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פון די פעלקער און די בעדינגונגען פון פראדוקציאן און פערטיילונג פון רייכטימער].

polit'ical geog'raphy (פא-ליט'-אי-קעל דזשי-אג'-רע-פי) פאליטישע געאגראפיע [דער טייל פון געאגראפיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער פאליטישער איינטיילונג פון דער ערד].

polit'icalism *n.* (פא-ליט'-אי-קעל-איזם) דאס זיין שטארק פערטהאן אין פאליטיק.

polit'ical law (פא-ליט'-אי-קעל לאה) דער טייל פון יוריספרודענץ, וואס האט א שייכות צו דער ארגאניזאציאן פון שטאאטען און צו זייערע בעציהונגען צווישען זיך און צו זייערע בירגער.

polit'ical lib'erty (פא-ליט'-אי-קעל ליב'-ער-טי) פאליטישע פרייהייט [ווי די פרייהייט פון פערזאן, פרעס־פרייהייט, רעדע־פרייהייט, געוויסענס־פרייהייט, דאס רעכט אנטייל צו נעהמען אין די וואהלען פון רעגיערונגס־בעאמטע, פאלקס־פערטרעטער א. ד. ג.]; פאליטישע פרייהייט אדער אונאבהענגיגקייט פון א לאנד.

polit'ically *adv.* (פא-ליט'-אי-קעל-אי) אויף א פאליטישען אופן; אין בעצוג צו פאליטיק.

polit'ical pow'er (פא-ליט'-אי-קעל פאו'-ער) פאליטישע מאכט; איינפלוס אויף דער רעגיערונג.

polit'ical sci'ence (פא-ליט'-אי-קעל סאי'-ענס) פאליטישע וויסענשאפט, שטאאטס־וויסענשאפט [די וויסענשאפט וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער פארם פון רעגיערונגען, מיט די פרינציפען, אויף וועלכע זיי זיינען געבויט, מיט די געזעצען וועגען דער בעציהונג פון כלל צום יחיד און פון איין בירגער צום צווייטען א. ד. ג.].

polit'icaster *n.* (פא-ליט'-אי-קעס-טער) אן אויף מיר פאליטיקער, א הינטער־אויווען פאליטיקער, א לעזשאנקע־פאליטיקער.

politi'cian *n.* (פאל-אי-טיש'-ען) א פאליטיקער, א שטאאטסמאן; איינער וואס מישט זיך אין פאליטיק; איינער וואס פערנעהמט זיך מיט פאליטיק צוליעב פערזענליכע צוועקען.

polit'icise *v.* (פא-ליט'-אי-סאיז) ז. *politicize*.

polit'icize *v.* (פא-ליט'-אי-סאיז) זיך פערנעהמען מיט פאליטיק.

pol'itics *n.* (פאל'-אי-טיקס) פאליטיק; שטאאטס־וויסענשאפט.

pol'ity *n.* (פאל'-אי-טי) א רעגיערונגס־פארם, א רעגיערונגס־סיסטעם.

polk *v.* (פאולק) טאנצען א פאלקע.

pol'ka *n.* (פאול'-קא) א פאלקע [אזא טאנץ]; די מוזיק פון א פאלקע.

pol'ka-dot *n.* (פאול'-קא-דאט) א מוסטער פון שטאף פאר פרויען־קליידער וואס בעשטעהט פון קייקעלעך אדער רונדע פינטעלעך.

pol'ka-gauze *n.* (פאול'-קא-גאהז) מארלע אדער גאז [א לייכטער דורכזיכטיגער געוועב] וואס איז דורכגעוועבט מיט דיקע פונקטען אדער קייקעלעך [ווי פרויען־שלייערס א. ד. ג.].

pol'ka-jack'et *n.* (פאול'-קא-דזשעק'-

עט) אזא קורצער געשטריקטער דאמעיאק.

pop'ularist *n.* (פאפ'-יו-לער-איסט) ז. *popularizer*.

popular'ity *n.* (פאפ-יו-לער'-אי-טי) פאפולאריטעט; פאלקסמעסיגקייט, פאלקסטימליכקייט; אלגעמיינע בעליעבטהייט, אלגעמיינע בעוואוסטהייט.

populariza'tion *n.* (פאפ-יו-לער-אי-זיי'-שאן) פאפולאריזירונג, דאס מאכען לייכט און פערשטענדליך; פערשפרייטונג צווישען פאלק.

pop'ularize *v.* (פאפ'-יו-לער-איז) פאפולאריזירען, מאכען פאפולער, מאכען צוגענגליך פאר'ן פאלק, מאכען לייכט און פערשטענדליך; פערשפרייטען צווישען פאלק.

pop'ularizer *n.* (פאפ'-יו-לער-אי-זער) א פאפולאריזירער, איינער וואס מאכט פאפולער אדער לייכט פערשטענדליך.

pop'ularly *adv.* (פאפ'-יו-לער-לי) אויף א פאפולערען אופן; אזוי דאס עס זאל זיין צוגעפאסט צום פאלק; צווישען פאלק, אלגעמיין.

pop'ularness *n.* (פאפ'-יו-לער-נעס) ז. *popularity*.

pop'ulate *v. and a.* (פאפ'-יו-לייט) בעפעלקערען, בעזעצען; זיך פערמעהרען; בעפעלקערט, בעזעצט.

popula'tion *n.* (פאפ-יו-ליי'-שאן) די בעפעלקערונג; דאס בעפעלקערען.

Pop'ulism *n.* (פאפ'-יו-ליזם) די פאליטישע פרינציפען און טאקטיק פון די פאפוליסטען. ז. *Populist*.

Pop'ulist *n. and a.* (פאפ'-יו-ליסט) א פאפוליסט, אן אנהענגער פון דער פאפוליסטישער פארטיי [א פאליטישע פאלקס־פארטיי, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אין יאהר 1891. איהרע הויפט־פרינציפען זיינען געווען די קאנטראלע און אייגענטום פון דער רעגיערונג איבער די אייזענבאהנען און טעלעגראפען א. ד. ג., די בעשרענקונג פון אייגענטומס־רעכט אויף לאנד, דירעקטע שטייער פון הכנסות א. ז. וו.]; וואס איז שייך צו דער פאפוליסטישער פארטיי.

pop'ulous *a.* (פאפ'-יו-לאס) שטארק בעפעלקערט.

pop'ulously *adv.* (פאפ'-יו-לאס-לי) מיט א גרויסער בעפעלקערונג; שטארק בעפעלקערט.

pop'ulousness *n.* (פאפ'-יו-לאס-נעס) דאס פערמאגען א געדיכטע בעפעלקערונג; דאס זיין שטארק בעפעלקערט.

po'ral *a.* (פאו'-רעל) וואס איז שייך צו די פארען [קליינע לעכעלעך] פון קערפער.

por'beagle *n.* (פאהר'-ביגל) דער הערינג־האיפיש [אזא פיש].

por'cate *a.* (פאהר'-קייט) מיט אויסגעגראבענע שטרייפען, מיט שרונטען, מיט רינוועס.

por'cated *a.* (פאהר'-קיי-טעד) ז. *porcate*.

porce'lain *n. and a.* (פאהרס'-לין) פארצעליי, פארפאר; פון פארצעליי, פארצעלייען.

porce'lain-cement' *n.* (פאהרס'-ליין-סי-מענט') פארצעליי־צעמענט.

porce'lain-clay *n.* (פאהרס'-ליין-קליי) קאאלין, פארצעליי־ערד.

porce'lain-col'or *n.* (פאהרס'-ליין-קאל'-אר) א פארב־שטאף מיט וועלכען מען פארבט פארצעליי.

porce'lain-gil'ding *n.* (פאהרס'-ליין-גיל'-דינג) א גאלד־פארב וואס ווערט בענוצט פאר פארצעליי־בעפוצונגען.

porce'lainist *n.* (פאהרס'-ליין-איסט) א זאמלער פון פארצעלייענע זאכען; א דעקארירער פון פארצעליי.

porce'lain-ov'en *n.* (פאהרס'-ליין-אוו'ן) אן אויווען וואו עס ווערען אויסגעברענט פארצעלייענע כלים.

porce'lain-pa'per *n.* (פאהרס'-ליין-פיי'-פער) פארצעליי־פאפיער [אזא זארט פראנצויזישעס גלאזירטעס פאפיער].

por'celanous *a.* (פאהר'-סע-ליי-נאס) ענהליך צו פארצעליי; ווי פארצעליי.

porcella'neous *a.* (פאהר-סע-ליי'-ני-אס) ז. *porcelanous*.

por'cellanous *a.* (פאהר'-סע-ליי-נאס) ז. *porcelanous*.

porch *n.* (פאורטש) א וועראנדע; א פארהויז, א פאר־האלע; א קאלאנאדע, א זיילען־גאנג.

por'cine *a.* (פאהר'-סין) ענהליך צו א שוויין; שווייניש.

por'cupine *n.* (פאהר'-קיו-פאין) א שטאכעל־שוויין, א שטאכעל־טהיער, א יאזשיק [א חיה מיט שטעכעדיגע האר ווי נאדלען].

Porcupine

por'cupine-fish *n.* (פאהר'-קיו-פאין-פיש) דער שטאכעל־שוויין־פיש [אזא פיש מיט א שטעכעדיגער הויט].

pore *n. and v.* (פאור) א פארע, א שוויים־לעכעלע; א קליין לעכעלע; גענוי דורכקוקען, אויפמערקזאם דורכלעזען, פארשענד אנזעהען.

pore o'ver (פאור או'-ווער) אויפמערק־

זאם דורכקוקען אדער דורכלעזען; זיך פערטיפען [אין עטוואס].

The child is poring over the geography lesson.

pore upon' (פאור א-פאן') ז. *pore over*

por'gy *n.* (פאהר'-גי) א נאמען פון פערשיעדענע פיש.

po'rifer *n.* (פאו'-רי-פער) עטוואס וואס האט פארען [קליינע לעכעלעך], ווי א שוואם.

porif'eral *a.* (פא-ריפ'-ע-רעל) וואס האט פארען [קליינע לעכעלעך], ווי א שוואם.

porif'erous *a.* (פא-ריפ'-ע-ראס) וואס האט פארען [קליינע לעכעלעך].

po'riform *a.* (פאו'-רי-פארם) וואס האט די פארם פון א פארע [א קליין לעכעלע].

po'rism *n.* (פאו'-ריזם) אין מאטעמאטיק — א טעארעמע לויט וועלכער א געוויסע אויפגאבע קען גארניט געלעזט ווערען אדער זי קען געלעזט ווערען אויף פיעל אופנים.

po'rite *n.* (פאו'-ראיט) דער שוואם=קאראל.

pork *n.* (פאורק) שוויינען=פלייש, חזיר=פלייש.

pork'-butch'er *n.* (פאורק'-בוטש'-ער) א חזירים=קצב, א קאלבאסניק.

pork'-chop' *n.* (פאורק'-טשאפ') א שוויינען=קאטלעט, א שטיקעל שוויינען ריפען=פלייש.

pork'-ea'ter *n.* (פאורק'-איע'-טער) א שוויין=פלייש=עסער.

por'ker *n.* (פאור'-קער) א שוויין, א חזיר; אן אבגעקארמעטער חזיר צו שלאכטען.

por'ket *n.* (פאור'-קעט) א חזיר'על.

pork'ling *n.* (פאורק'-לינג) א חזיר'על.

pork'-pie' *n.* (פאורק'-פאי') א פיראג אדער פאשטעט פון חזיר=פלייש.

pork'-pie hat (פאורק'-פאי העט) אזא פארצייטיגער פלאכער הוט ענליך צו א פיראג.

pork'wood *n.* (פאורק'-הוואוד) קארק=האלץ.

pork'y *a.* (פאור'-קי) ווי חזיר=פלייש; פעט, דיק.

por'nial *a.* (פאהר'-ני-על) אויסגעלאסען.

pornoc'racy *n.* (פאהר-נאק'-רע-סי) די הערשאפט פון פראסטיטוטקעס אדער קורטיזאנקעס.

por'nograph *n.* (פאהר' נא-גרעף) א בילד אדער שריפט מיט א פארנאגראפישען אינהאלט. ז. *pornography*

pornog'rapher *n.* (פאהר-נאג'-רע-פער) א פארנאגראפישער שרייבער, איינער וואס בעשרייבט דאס לעבען פון פראסטיטוטקעס אדער שילדערט אויסגעלאסענקייט און געשלעכטליכע בעציהונגען.

pornograph'ic *a.* (פאהר-נא-גרעפ'-איק) פארנאגראפיש, וואס איז שייך צו פארנאגראפיע. ז. *pornography*

pornog'raphy *n.* (פאר-נאג'-רע-פי) פארנאגראפיע, די בעשרייבונג אדער שילדערונג פון פראסטיטוטקעס אדער הורעריי; מאלעריי אדער בילדער פון געשלעכטליכע בעציהונגען אדער הורעריי; אונזיטליכע ליטעראטור.

po'rose *a.* (פאו'-ראוס) פארעז, וואס האט פארען, וואס איז פול מיט פארען [קליינע לעכעלעך].

poro'sis *n.* (פא-ראו'-סיס) די בילדונג פון קנארפעל [כראמשקע] וואס ווערט נאכדעם פערהארטעוועט אין ביין ווי דאס קומט פאר ביי דער צוזאמענוואקסונג פון א געבראכענעם ביין.

poros'ity *n.* (פא-ראס'-אי-טי) דאס זיין פול מיט פארען [קליינע לעכעלעך]; א פארע.

po'rotype *n.* (פאו'-רא-טאיפ) א קאפיע פון א צייכנונג אדער פון א שריפט וואס ווערט אראבגענומען אויף א כעמיש=פרעפארירטען פאפיער, וואס ווערט בעאיינפלוסט פון ליכט.

po'rous *a.* (פאו'-ראס) פארעז, וואס האט פארען, וואס איז פול מיט פארען [קליינע לעכעלעך].

po'rous cup (פאו'-ראס קאפ) א פארעזעס געפעס [א ליימענע אדער פארצעלייענע כלי אהן א גלייז, דורך וועלכער עס קען דורכדרינגען א פליסיגקייט, ווי די וואס ווערט בענוצט אין דער דאניעלישער עלעקטרישער באטאריי].

po'rously *adv.* (פאו'-ראס-לי) אויף א פארעזען אופן, דורך פארען, מיט פארען [קליינע לעכעלעך]; לאזענדיג דורכדרינגען.

po'rousness *n.* (פאו'-ראס-נעס) ז. *porosity*

po'rous plas'ter (פאו'-ראס פלעס'-מער) א פארעזער פלאסטער [א פלאסטער וואס איז פול מיט קליינע לעכעלעך].

por'pezite *n.* (פאהר'-פעז-איט) אזא זארט גאלד וואס ענטהאלט א געוויסען פראצענט פאלאדיום.

porphyra'ceous *a.* (פאהר-פי-ריי'-שיאס) ז. *porphyritic*

porphyrit'ic *a.* (פאהר-פי-ריט'-איק) ווי פארפיר=שטיין, וואס בעשטעהט פון פארפיר=שטיין.

porphyrit'ical *a.* (פאהר-פי-ריט'-אי-קעל) ז. *porphyritic*

porphyrit'ically *adv.* (פאהר-פי-ריט'-אי-קעל-אי) אזוי ווי פארפיר=שטיין.

porphyriza'tion *n.* (פאהר-פי-רי-זיי'-שאן) דאס מאכען ענליך צו פארפיר=שטיין; דאס צורייבען עטוואס אויף א פארפיר=שטיינערנער פלאטע.

por'phyrize *v.* (פאהר'-פי-ראיז) מאכען ענליך צו פארפיר=שטיין; צורייבען אויף א פארפיר=שטיינערנער פלאטע.

por'phyry *n.* (פאהר'-פי-רי) פארפיר [אזא הארטער געפלעקטער שטיין].

por'poise *n.* (פאהר'-פאס) דער הערינג=שוויין, דער ים=חזיר [א מין קליינער דיקער וואלפיש, אונגעפעהר 5 פוס לאנג, וועלכער געפינט זיך מייסטענס אין דעם נארד=אטלאנטישען אקעאן. זיין פלייש ווערט געגעסען, פון זיין פעט ווערט פאבריצירט א פיינער זארט אויל און פון זיין הויט ווערט געמאכט לעדער].

por'pus *n.* (פאהר'-פאס) ז. *porpoise*

porra'ceous *a.* (פא-ריי'-שיאס) וואס האט דעם קאליר פון פאריי=גראז אדער ציבעלע, גרינליך.

porrect' *v. and a.* (פא-רעקט') האריזאנטאל אויסשטרעקען; אויסגעשטרעקט.

porrec'tate *a.* (פא רעק' טייט) אייסגעשטרעקט.

porrec'tion *n.* (פא-רעק'-שאן) דאס האלטען אין אויסגעשטרעקטע הענד צו דערריאנגען; דאס דערריאנגען.

por'ridge *n. and v.* (פאר'-אידזש) זופ; מעהל=זופ, קאשע זופ; אננעהמען די פארם פון זופ, פערוואנדעלט ווערען אין זופ; בעזארגען מיט זופ.

porrig'inous *a.* (פא רידזש' אי נאס) וואס איז שייך אדער ענליך צו א גרינדע אדער א פארך; פארכיג.

porri'go *n.* (פא-ראי'-גאו) א גרינדע, א פארך.

por'ringer *n.* (פאר'-ינ-דזשער) א שיסעלע, א זופ=טעלער.

port *n. and v.* (פאורט) א פארט, א האפען [פאר שיפען]; א פארטע, א טויער; א שטאדט=טויער, א פעסטונגס=טויער; א פארטקע אדער עפנונג אין דער זייט פון א שיף, א קאנאנען=לאך אין דער זייט פון א קריעגס=שיף; אן עפנונג אין א מאשין ארויסצולאזען דאמפף, לופט, וואסער א. ד. ג.; דאס באקבארד [די לינקע זייט פון א שיף, קוקענדיג אין דער ריכטונג ווי זי געהט]; האלטונג, מיענע, מאניער; פארט=וויין; בעזארגען מיט טיערען אדער טהירען; טראגען; טראגען אדער האלטען די ביקס מיט ביידע הענד אין א דיאגאנאלער ריכטונג פאר קווער דעם קערפער; ווענדען צום באקבארד [די לינקע זייט פון שיף]; קירעווען לינקס [וועגען א שיף].

por'ta *n.* (פאור'-טא) די לעבער=פארטע. ז. *portal*

portabil'ity *n.* (פאור-טע-ביל'-אי-טי) טראגבארקייט, דאס קענען געטראגען ווערען.

por'table *a.* (פאור'-טעבל) טראגבאר, וואס קען געטראגען ווערען, וואס קען איבערגעטראגען ווערען פון איין ארט צו א צווייטען.

He bought a portable summer house.

por'tableness *n.* (פאור'-טעבל-נעס) ז. *portability*

por'tage *n.* (פאור'-טעדזש) טראנספארט; דאס איבערטראגען, דאס אריבערפיהרען; טראנספארט=געלד; פראכט=געלד; טרעגער=לוין; לאדונג, פראכט, געפעק; די שטרעקע איבער וועלכער א שיפס=לאדונג ווערט טראנספארטירט פון איין שיף צו א צווייטער.

por'tal *n. and a.* (פאור'-טעל) א טהיר, אן אריינגאנג, א טויער; א הויפט=איינגאנג; וואס איז שייך צו א טויער; אריינגעהענד אין טויער; וואס איז שייך צו דער לעבער=פארטע [דאס ארט וואו עס קומט אריין דער גרויסער אדער וואס פיהרט דאס בלוט צום לעבער]; וואס איז שייך אדער ענליך צום פארטע=אדער פון לעבער.

por'tal sys'tem (פאור'-טעל סיס'-טעם) די פארטע=סיסטעם פון לעבער [דער פארטע=אדער פון לעבער מיט אלע זיינע פערצווייגונגען]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

por'tal vein (פאור'-טעל וויין) דער פארטע=אדער פון לעבער [דער גרויסער אדער וואס פיהרט דאס בלוט פון די געדערים צום לעבער]. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

portamen'to *n.* (פאור-טא-מענ'-טאו) א גלייכמעסיגער שטופענווייזער איבערגאנג פון איין טאן=ארט צו א צווייטען אין זינגען אדער אין שפיעלען אויף א שטרייך=אינסטרומענט.

por'tant *a.* (פאור'-טענט) ז. *portate*

port arms (פאורט ארמז) א מיליטערישער בעפעהל צו נעמען די ביקס מיט ביידע הענד אין א דיאגאנאלער ריכטונג פאר קווער דעם קערפער.

por'tate *a.* (פאור'-טייט) שרעג, ווי גע=

טראגן אויף דער פלייצע [װענען א קרייץ אויף א שילד אדער הערב].

por'tatile *a.* (פאור'-טע-טיל) ז. *portable*

por'tative *a.* (פאור'-טע-טיוו) טראגבאר, וואס קען געטראגן ווערן אדער איבערגעטראגן ווערן פון איין ארט אויף'ן צווייטען; וואס איז שייך צו דער טראג-קראפט.

port'-bar *n.* (פאורט'-באר) א האפען-שטאנג [א שטאנג וועלכער פערשפארט דעם אריינגאנג אין האפען].

port'-cray'on *n.* (פאורט'-קריי'-אן) א בליישטיפט-האלטער, א קרייד-שטיפט-האלטער.

portcul'lis *n. and v.* (פאורט-קאל'-איס) א פאל-גראטע, א פאל-טויער [אזא טויער פון א פעסטונג וואס ווערט ארויפגעצויגען און אראבגעלאזען אויף קייטען]; בעזארגען מיט א פאל-טויער; פערשפארען.

Porte *n.* (פאורט) די פארטע, דער טערקישער הויף, די טערקישע רעגיערונג.

porte'-cochère' *n.* (פאורט'-קאו-שעהר') אן אריינפאהר אדער דורכפאהר אין א געביידע פאר קארעטען אדער פוהרען.

porte'-cray'on *n.* (פאורט'-קריי'-אן) ז. *port-crayon*

port'-elec'tric *a.* (פאורט'-אי-לעק'-טריק) וואס ווערט געטראגן דורך עלעקטריציטעט [װענען א געוויסער סיסטעם פון אריבערשיקען פאסט-פאקעטען].

porte'-lumière' *n.* (פאורט'-לו-מיעהר') אזא אפאראט וואס בעשטעהט פון א פלאכען שפיגעל, וועלכער קען אנגעשטעלט ווערען דורך שרויפען אויף אזא אופן, דאס מען זאל קענען קאנטראלירען די ריכטונג פון די ליכט-שטראהלען, וועלכע ווערען פון איהם רעפלעקטירט.

porte'-monnaie' *n.* (פאורט'-מא-ניי') א פארטמאנע, א געלד-ביימעל, א טייסטער.

portend' *v.* (פאור-טענד') פאראויסזאגען, פאראויס אנצייגען.

The heavy clouds **portend** rain.

portent' *n.* (פאור-טענט') א פארבעדייטונג, א פארצייכען; א שלעכטער סמן, א בייזע פארבעדייטונג.

porten'tous *a.* (פאור-טענ'-טאס) פארבעדייטענד; וואס זאגט פאראויס שלעכטס; שרעקליך; וואונדערליך, גוואלטיג.

porten'tously *adv.* (פאור-טענ'-טאס-לי) אויף א פארבעדייטענדען אופן; פון שלעכטער פארבעדייטונג; שרעקליך, גוואלטיג; וואונדערליך.

por'ter *n.* (פאור'-טער) א פארטיער, א שווייצאר, א טהיר-בעדיענטער, א משרת; א לאסט-טרעגער; פארטער-ביער; עטוואס וואס ווערט געברויכט ביים טראגען אדער צום אונטערהאלטען עפעס.

por'terage *n.* (פאור'-טער-עדזש) די שטעלע אדער פליכטען פון א פארטיער אדער שווייצאר; טרעגער-געצאהלט, טרעגער-לוין; דאס טראגען; טראנספארט; טראנספארט-קאסטען.

por'teress *n.* (פאור'-טער-עס) א פארטיערין, א טהיר-בעדיענטע, א טויער-היטערין.

por'ter-house *n.* (פאור'-טער-האוס) א ביער-הויז; א רעסטאראן.

por'terly *a.* (פאור'-טער-לי) ווי א טרעגער; גראב, געמיין.

port'-fire *n.* (פאורט'-פאיר) א צינד-שנור וואס פלעגט אמאל געברויכט ווערען פאר הארמאטען.

portfo'lio *n.* (פאורט-פאו'-ליאו) א פארטפעל [אזא גרויסער טייסטער צו האלטען פאפיערען אדער דאקומענטען]; א מיניסטער-אמט.

port'-hole *n.* (פאורט'-האול) א קאנאנען-לאך פון א קריעגס-שיף; א לאך אין א צילינדער פון א דאמפף-מאשין אריינצולאזען אדער ארויסצולאזען דאמפף.

por'tico *n.* (פאור'-טי-קאו) א פארטיקוס, א זיילען-גאנג [א רייה זיילען, וועלכע האבען איבער זיך א דאך]; א גאלעריי; א ווערענדע.

por'ticoed *a.* (פאור'-טי-קאוד) מיט א פארטיקוס. ז. *portico*

portière' *n.* (פאור-טיעהר') א פארטיערע, א טהיר-פארהאנג.

por'tify *v.* (פאור'-טי-פאי) זיך מאכען וויכטיג, זיך האלטען פאר א וויכטיגען מענשען.

por'tio *n.* (פאור'-שי-או) אין אנאטאמיע — א טייל, א צווייג.

por'tion *n. and v.* (פאור'-שאן) א פארציאן; א טייל, א חלק; א חלק ירושה; אן אויסשטייער פון א פרוי; א הייראטס-גוט, נדן; דער גורל, דאס שיקזאל, דאס מזל; טיילען; צוטיילען; איינטיילען; געבען א טייל; געבען א טייל ירושה.

por'tionable *a.* (פאור'-שאנ-עבל) פראפארציאנעל.

por'tioner *n.* (פאור'-שאנ-ער) א טיילער, א פערטיילער, אן אויסטיילער; א בעזיצער פון א קליינעם טייל לאנד; א גלח וואס דיענט אין א געמיינדע צוזאמען מיט נאך גלחים און קריעגט נור א טייל פון דער הכנסה.

por'tionist *n.* (פאור'-שאנ-איסט) א גלח וואס דיענט אין א געמיינדע צוזאמען מיט אנדערע גלחים און קריעגט נור א טייל פון דער הכנסה.

por'tionless *a.* (פאור'-שאנ-לעס) אהן א חלק; אהן נדן, אהן אן אויסשטייער.

Port'land cement' (פאורט'-לענד סי-מענט') פארטלאנד-צעמענט [אזא זארט צעמענט וואס האט א גרויליכען קאליר ווי פון פארטלאנד-שטיין].

port'last *n.* (פאורט'-לעסט) דאס שאנדעק [פון א שיף].

port'-lid *n.* (פאורט'-ליד) דאס טהירעלע פון א קאנאנען-לאך אין א קריעגס-שיף.

port'liness *n.* (פאורט'-לי-נעס) שטאטליכקייט, סטאטעטשנעקייט, סטאטקאוונעקייט; דאס האלטען זיך מיט ווירדע.

port'ly *a.* (פאורט'-לי) שטאטליך, סטאטעטשנע; מיט ווירדע; דיק, גראב, גרויס.

port'man *n.* (פאורט'-מען) אן איינוואהנער פון א האפען-שטאדט; אן איינוואהנער פון איינעם פון די פאלגענדע פינף ענגלישע האפען-שטעדט: הייסטינגס, ראמני, דאווער, האיטהע און סאנדוויטש.

portman'teau *n.* (פאורט-מענ'-טאו) א קליידער-טשעמאדאן; א רייזע-זאק, א רייזע-טשעמאדאן; א האקען אויפצוהיינגען א קלייד [הויפטזעכליך צום בארשטען].

port'-mote *n.* (פאורט'-מאוט) א האפען-געריכט, א פערזאמלונג פון פאלקס-פערטרעטער פון א האפען-שטאדט [אמאל אין ענגלאנד].

port of en'try (פאורט אוו ענ'-טרי) א האפען וואו עס געפינט זיך א צאל-הויז פאר אויסלענדישע סחורות.

por'toise *n.* (פאור'-טיז) ז. *portlast*

por'trait *n.* (פאור'-טרייט) א פארטרעט; א בילד; א בילדליכע בעשרייבונג אדער שילדערונג.

por'traitist *n.* (פאור'-טריי-טיסט) א פארטרעט-מאלער; איינער וואס מאכט בילדער [ווי א פאטאגראף].

por'trait-pain'ter *n.* (פאור'-טרייט-פיינ'-טער) א פארטרעט-מאלער.

por'traiture *n.* (פאור'-טריי-טשור) א פארטרעט, א בילד; אן אבבילדונג; פארטרעט-מאלעריי.

portray' *v.* (פאור-טריי') מאלען, אבמאלען; שילדערען, בעשרייבען.

portray'al *n.* (פאור-טריי'-על) דאס אבמאלען; שילדערונג, בעשרייבונג, פארשטעלונג.

portray'er *n.* (פאור-טריי'-ער) א פארטרעט-מאלער; א שילדערער, א בעשרייבער.

port'reeve *n.* (פאורט'-ריעוו) א האפען-מאגיסטראט, א ריכטער אין א האפען אדער האפען-שטאדט; א קעניגליכער פארשטעהער אדער בעאמטער אין א האנדעלס-שטאדט אמאל אין ענגלאנד.

por'tress *n.* (פאור'-טרעס) ז. *porteress*

port'-sale *n.* (פאורט'-סייל) אן אויקציאן, א ליציטאציע.

port'-town *n.* (פאורט'-טאון) א פארטאווע שטאדט, א האפען-שטאדט.

Por'tugal *n. and a.* (פאור'-טשו-געל) דאס לאנד פארטוגאל; וואס איז שייך צו פארטוגאל; פארטוגעזיש.

Portuguese' *a. and n.* (פאור-טשו-גיעס') פארטוגעזיש; וואס איז שייך צו פארטוגאל; א פארטוגעזער; דאס פארטוגעזישע פאלק; די פארטוגעזישע שפראך.

portula'ca *n.* (פאור-טיו-ליי'-קא) פארטולאק [א מין פלאנצע מיט דיקע זאפטיגע בלעטער און מיט געלבע, רויטע אדער פורפור-בלומען]. ז. *purslane*

port'-wine' *n.* (פאורט'-הוואין') פארט-וויין.

posa'da *n.* (פאו-סא'-דא) א גאסט-הויז, אן אכסניה, א קרעטשמע.

pose *n. and v.* (פאוז) א פאזע, די שטעלונג אדער האלטונג פון קערפער; אוועקשטעלען אין א בעשטימטער פאזע אדער האלטונג; פאזירען, אננעהמען א פאזע; בעהויפטען עפעס; פערווירען, שטעלען אין פערלעגענהייט [מיט א פראגע אדער בעהויפטונג].

pose as (פאוז עז) פיגורירען אדער אויפטרעטען אלס...

Posei'don *n.* (פא-סאי'-דאן) אין דער אלט-גריכישער מיטאלאגיע — פאסיידאן, דער גאט פון ים [ביי די אלטע רוימער האט ער זיך גערופען נעפטון].

po'ser *n.* (פאו'-זער) א שווערע אויפגאבע, א הארבע שאלה; א פראגען-שטעלער, אן עקזאמענירער.

poseur' *n.* (פאו-זויר') איינער וועלכער פאזירט אדער נעהמט אן א געוויסע פאזע.

po'sied *a.* (פאו'-זיד) בעצייכענט מיט א מאטא. ז. *posy*

pos'it *v.* (פאז'-איט) פעסטשטעלען; בעהויפטען; שטעלען אין א פאזיציאן, שטעלען א זאך אין בעציהונג צו אנדערע זאכען.

pos'ited *a.* (פאז'-אי-טעד) געלעגט, געשטעלט.

posi'tion *n. and v.* (פא-זיש'-אן) די פאזיציאן [די שטעלונג פון א זאך אין בעציהונג צו אנדערע זאכען]: די שטעלונג, די לאגע, דער צושטאנד; דער זאץ,

דער טעזיס, א גרונד=זאץ, א כלל; דאס
אויסשטעלען, די אויסשטעלונג, די בע=
הויפטונג; די בענעהמונג; אן ארט, א
שטעלע; שטעלען אין א בעשטימטען
פלאץ; שטעלען אין א פאזיציאן.

posi'tion-fin'der *n.* (פא-זיש'-אנ-
פאינ'-דער) אן אפאראט, דורך וועלכען
מען קען אנשטעלען א ביקס אדער. האר=
מאט אזוי, אז מען זאל קענען שיסען אין
א געוויסען ציעל=פונקט, ניט זעהענדיג
דיעזען פונקט.

pos'itive *a. and n.* (פאז'-אי-טיוו)
פאזיטיוו; פעסטגעזעצט; אנגענומען;
געזעצליך פארגעשריבען אדער געגעבען;
בעשטימט, אויסגעמאכט; זיכער, געוויס,
וואהר,ווירקליך; בעהויפטענד, בעוויי=
זענד; ענטשיידענד; אויסדריקליך, ניט
איינגעשרענקט; פעסט איבערצייגט; צו
שטארק זיכער אדער בעשטימט, דאגמא=
טיש; אין פיזיק — פאזיטיוו [אין גע=
גענזאץ צו נעגאטיוו]; אין אפטיק און
פאטאגראפיע — פאזיטיוו [וואס ענט=
שפרעכט דעם אריגינאל]; דאס פאזיטי=
ווע, די ווירקליכקייט; אין גראמאטיק —
דאס פאזיטיוו. ז. *positive degree*

pos'itive degree' (פאז'-אי-טיוו די-
גריע') אין גראמאטיק — דאס פאזיטיוו
[א ווארט וואס בעצייכענט אז איינענ=
שאפט פון א זאך, ניט פערגלייכענדיג זי
מיט דערזעלבער איינענשאפט ביי אנדערע
זאכען, ווי למשל, אין דעם זאץ "א שעה=
נע פרוי" איז דאס ווארט "שעהנע" א
פאזיטיוו, אין גענענזאץ צו די פארמען
פון איינענשאפטס=ווערטער, וואס בעצייכ=
נען א פערגלייך, "שעהנער", "די שעהנ=
סטע"].

pos'itive discrep'ancy (פאז'-אי-
טיוו דיס-קרעפ'-ענ-סי) די בעציהונג צווי=
שען די צייגניסע פון צוויי עדות, ווען
איינער זאגט בעשטימט "יא" און דער
צווייטער זאגט בעשטימט "ניין".

pos'itive electric'ity (פאז'-אי-טיוו
אי-לעק-טריס'-אי-טי) פאזיטיווע עלעק=
טריציטעט [די עלעקטריציטעט וואס בע=
קומט זיך פון גלאז ווען מען רייבט עס
מיט זייד].

pos'itive ev'idence (פאז'-אי-טיוו
עוו'-אי-דענס) א פאזיטיווער צייגניס
[א צייגניס פון אן עדות, וועלכער האט
געזעהן דעם פאקט אדער געשעהעניש מיט
זיינע אויגען].

pos'itive law (פאז'-אי-טיוו לאה) גע=
זעצען אדער א געזעץ וואס איז ארויסגע=
געבען געווארען פון א געזעץ=געבענדער
מאכט [אין אונטערשיעד פון געזעצען
אין אלגעמיין, ווי די געזעצען פון דער
נאטור א. ד. ג.].

pos'itively *adv.* (פאז'-אי-טיוו-לי)
פאזיטיוו, זיכער, געוויס, אונבעשטרייט=
באר, אונצווייפעלהאפט.

pos'itiveness *n.* (פאז'-אי-טיוו-נעס)
בעשטימטהייט; ווירקליכקייט; זיכער=
קייט, געוויסהייט; דאגמאטישקייט, אי=
בערטריבענע בעשטימטהייט.

pos'itive philos'ophy (פאז'-אי-טיוו
פי-לאס'-א-פי) די פאזיטיווע פילאזאפיע,
פאזיטיוויזם. ז. *positivism*

pos'itive pole (פאז'-אי-טיוו פאול)
דער פאזיטיווער פאל, דער פאל פון אן
עלעקטרישער באטעריי, פון וועלכען מען
בעקומט פאזיטיווע עלעקטריציטעט; דער
פאל פון א מאגנעט, וועלכער איז געווענ=
דעט צו צפון=זייט.

pos'itive quan'tity (פאז'-אי-טיוו
קהוואנ'-טי-טי) אין אלגעברא — די פא=
זיטיווע גרעסע, א גליעד פון אן אלגע=
בראאישען אויסדרוק, פאר וועלכען עס
שטעהט דער צייכען +.

pos'itivism *n.* (פאז'-אי-טיוו-איזם)
פאזיטיוויזם אדער די פאזיטיווע פילאזא=
פיע [די פילאזאפישע שיטה וואס איז
נעגרינדעט פון אוגוסט קאנט (געב. 1798,
געשט. 1857) און וועלכע האלט, אז קיין
אנדער וויסען עקזיסטירט ניט אויסער
דאס וויסען וועגען פענאמענען אדער ער=
שיינונגען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט
אונזערע חושים. די מענשליכע קענטניס
אדער וויסען וועגען די ערשיינונגען האט
איבערגעלעבט אין פערלויף פון דער גע=
שיכטע דריי בעזונדערע ענטוויקלונגס=
שטופען: 1) די טעאלאגישע, ווען
מענשען האבען זיך ערקלערט יעדע ער=
שיינונג אלס א רעזולטאט פון געטליכען
ווילען; 2) די מעטאפיזישע, ווען
מענשען האבען זיך ערקלערט די ערשיי=
נונגען אלס רעזולטאט פון אונבעגרייפלי=
כע אבסטראקטע קרעפטען און 3) די
פאזיטיווע, ווען מענשען ערקלערען
זיך די ערשיינונגען אלס פאלגען פון נא=
טור=געזעצען, וועלכע זיינען ענטדעקט גע=
ווארען דורך וויסענשאפטליכער ערפאה=
רונג]; פאקטישע קענטניס; פאזיטיווע
וויסענשאפטען.

pos'itivist *n.* (פאז'-אי-טיוו-איסט) א
פאזיטיוויסט, אן אנהענגער פון דער פא=
זיטיווער פילאזאפיע. ז. *positivism*

positivis'tic *a.* (פאז-אי-טי-וויס'-טיק)
פאזיטיוויסטיש; וואס איז שייך צו פא=
זיטיוויזם אדער צו די פאזיטיוויסטען.
ז. *positivism*

positiv'ity *n.* (פאז-אי-טיוו'-אי-טי)
ז. *positiveness*

pos'net *n.* (פאס'-נעט) א שיסעלע, א
שאל.

posolog'ic *a.* (פאס-א-לאדזש'-איק)
פאסאלאגיש, וואס איז שייך צו פאסאלא=
גיע. ז. *posology*

posolog'ical *a.* (פאס-א-לאדזש'-אי-
קעל) ז. *posologic*

posol'ogy *n.* (פא-סאל'-א-דזשי) פא=
סאלאגיע [דער טייל פון מעדיצין וואס
זוכט צו בעשטימען די גרויס פון יעדער
פארציע אדער דאזע מעדיצין, וואס דארף
איינגענומען ווערען].

pos'se *n.* (פאס'-אי) דאס מעגליכקייט, די
זיין בכח [ניט בפועל]; א בעוואפענטע
מאכט; נויט=סאלדאטען [איינפאכע ביר=
גער וואס א שעריף רופט צו הילף אין
א נויטפאל].

pos'se comita'tus (פאס'-אי קאמ-
אי-טיי'-טאס) נויט=סאלדאטען [איינפא=
כע בירגער וואס א שעריף האט רעכט
אויפצופאדערען צו הילף אין א נויט=
פאל].

possess' *v.* (פא-זעס') בעזיצען, פערמא=
גען; פערנעהמען, ווערען דער איינענ=
טימער פון עפעס; בעהערשען, גייסטיג
קאנטראלירען; דורכדרינגען אדער ווערען
דורכגעדרונגען מיט עפעס [ווי מיט גע=
וויסע געפיהלען אדער געדאנקען].

possessed' *a.* (פא-זעסט') 1. וואס איז
אין בעזיץ; 2. בעהערשט פון א ניט=גוטען;
משוגע, פעררוקט.

1. He is possessed of much real estate.
2. This old woman is evidently possessed.

posses'sion *n.* (פא-זעש'-אן) 1. אן
איינגענומענעם לאנד; 2. א בעזיץ, אן
אייגענטום; א גוט, א פאסעסיע; 3. אן
איבערצייגונג; 4. דאס זיין בעהערשט פון
א ניט=גוטען; דאס זיין משוגע.

1. England has possessions in all parts of the world. 2. The book is in my possession.

posses'sional *a.* (פא-זעש'-אנ-על)
ז. *possessive*

posses'sionary *a.* (פא-זעש'-אנ-ע-רי)
וואס איז שייך צו בעזיץ אדער אייגענ=
טום.

possess'ive *a. and n.* (פא-זעס'-איוו)
בעזיצענד, אנגעהעריג, וואס צייגט אן אנ=
געהעריגקייט; א ווארט וואס בעצייכענט
די אנגעהעריגקייט פון איין זאך צו אן
אנדערער; אין גראמאטיק — דער בע=
זיץ=פאל. ז. *possessive case*

possess'ive case (פא-זעס'-איוו קייס)
אין גראמאטיק — דער בעזיץ=פאל, די
פארם פון א ווארט ווען עס בעצייכענט
די אנגעהעריגקייט פון איין זאך צו אן
אנדערער [ווי למשל, דאס ווארט "פא=
טער'ס" אין דעם זאץ "מיין פאטער'ס
הויז"].

possess'ively *adv.* (פא-זעס'-איוו-לי)
אויסדריקענדיג די אנגעהעריגקייט פון
איין זאך צו אן אנדערער.

possess'ive pro'noun (פא-זעס'-איוו
פראו'-נאון) דאס בעזיץ=אנצייגענדע פיר=
ווארט [אין גראמאטיק — די פארמע
פון א פירווארט וואס בעצייכענט בעזיץ
אדער אנגעהעריגקייט, ווי די ווערטער
מיין, דיין, זיין, איהר א. ז. וו.].

possess'or *n.* (פא-זעס'-אר) א בעזי=
צער, אן אייגענטימער.

possess'ory *a.* (פא-זעס'-א-רי) וואס
איז שייך צו בעזיץ; וואס בעזיצט; וואס
קומט ארויס פון בעזיצען עפעס.

possess'ory ac'tion (פא-זעס'-א-רי
עק'-שאן) א געריכטס=פראצעס צו בעשטי=
מען דאס רעכט צו פערהאלטען אדער בע=
זיצען עפעס.

possess'ory judg'ment (פא-זעס'-א-
רי דזשאדזש'-מענט) אין שאטלענדישער
געזעצגעבונג — א געריכטס=אורטייל, וועל=
כער גיט דאס רעכט צו איינעם, וואס בע=
זיצט א גוט אין פערלויף פון זיבען יאהר,
צו בעזיצען עס ווייטער ביז די פראגע
וועגען דעם רעכט אויף דיעזען גוט וועט
ענטשיעדען ווערען דורך'ן געזעץ.

possess' the mind (פא-זעס' טהי
מאינד) בעהערשען דעם גייסט אדער דעם
נעדאנק, זיין בעפעסטיגט אין געדאנק.

possess' the soul (פא-זעס' טהי סאול)
דורכדרינגען די נשמה.

pos'set *n.* (פאס'-עט) א געטראנק פון
הייסער מילך מיט וויין.

possibil'ity *n.* (פאס-אי-ביל'-אי-טי)
מעגליכקייט; א מעגליכע זאך.

pos'sible *a.* (פאס'-איבל) מעגליך; וואס
קען זיין.

pos'sibly *adv.* (פאס'-אי-בלי) מעגליך;
אפשר, פיעלייכט.

pos'sum *n. and v.* (פאס'-אם) אן
אפאסום [ז. *opossum*]; זיך מאכען
טויט; זיך פערשטעלען.

post *n., a. and v.* (פאוסט) א סלופ;
א שטיץ=זייל; דאס שטארצענדע אייזענ=
דעל אין א שלאס וואס געהט אריין אין
שליסעל; א בעשטימטער פלאץ וואס איז
מיט עפעס פערנומען [ווי א מיליטערי=
שער פאסט, דער פאסט פון דעם צענטער=
שפיעלער אין פוסבאל=שפיעל א. ז. וו.];
א שטעלע, אן אמט; די שטעלונג, די לא=
גע; די פאסט פאר בריעף, פאקעטען א.
ד. ג.; א פאסטשטאליאן, א שליח, א
ידיעות=בריינגער; פאסט=פאפיער [פא=

פיער פון א געוויסען פארמאט פאר בריעף]; איילענד, אין דער גיך; צושלאגען אדער צוקלעפען צו א סלופ [ווי א פלאקאט, אן אפישע, א מודעה א. ז. וו.]; פערעפענטליכען, בעקאנט מאכען דעם עולם מיט עפעס; בעשטימען צו א געוויסען פאסט אדער שטעלע; פאנאנדערשטעלען; אבגעבען אין פאסט; אריינווארפען [א בריעף] אין פאסט=קעסטעל; אין בוכהאלטעריע — אריינשרייבען אדער איינטראגען אין הויפט=בוך; שיקען דורך פאסט, דעפעשירען; געבען ידיעות; רייזען מיט דער פאסט, איילען.

post ad'jutant (פאוסט עדזש'-או-טענט) דער אפיציער וואס האט אויפזיכט איבער די סאלדאטען וואס זיינען פאנאנדערגעשטעלט אויף פערשיעדענע פאסטען.

pos'tage *n.* (פאוס'-טעדזש) פאסט=געלד, פארטא; דאס פאהרען מיט פאסט; א רייזע.

pos'tage cur'rency (פאוס'-טעדזש קאר'-ענ-סי) קליינגעלד [פון מעטאל אדער פאפיער, ווי למשל, האלבע=דאלארדיגע, פיערטעל=דאלארדיגע, צעהן=סענטיגע א. ז. וו.].

pos'tage paid (פאוס'-טעדזש פייד) פאסט=פריי, פראנקא, איינגעצאהלט [וועגען בריעף אדער פאקעטען וואס ווערען געשיקט דורך פאסט].

pos'tage-stamp *n.* (פאוס'-טעדזש-סטעמפ) א פאסט=מארקע.

pos'tal *a.* and *n.* (פאוס'-טעל) וואס געהערט צו דער פאסט; א פאסט=קארטעל; א פאסט=אנווייזונג.

pos'tal car (פאוס'-טעל קאר) א פאסט=וואגאן [אן אייזענבאהן=וואגאן פאר פאסט=זאכען].

pos'tal card (פאוס'-טעל קארד) א פאסט=קארטעל.

pos'tal communica'tion (פאוס'-טעל קא-מיו-ני-קיי'-שאן) די פאסט=פערבינדונג.

pos'tal note (פאוס'-טעל נאוט) א פאסט=אנווייזונג [צו בעצאהלען א געוויסע סומע געלד, וועניגער ווי 5 דאלאר].

pos'tal or'der (פאוס'-טעל אהר'-דער) אין ענגלאנד — א פאסט=אנווייזונג. ז. *postal note*.

pos'tal stea'mer (פאוס'-טעל סטיע'-מער) א פאסט=דאמפף=שיף.

pos'tal tube (פאוס'-טעל טיוב) א רעהרען=פערמיג שאכטעל, אין וועלכען מען שיקט פאסט=זאכען, וואס דארפען צונויפגעראלט ווערען.

pos'tament *n.* (פאוס'-טע-מענט) א פאסטאמענט, א פעדעסטאל אדער אונטערשטיצע [ווי למשל פון א וואזע].

post away' (פאוסט ע-הוויי') אוועקגעהן, אוועקלויפען אין איילעניש.

post away' with (פאוסט ע-הוויי' הוויטה) עפעס שנעל אבטהאן; זיך אבטראגען מיט עפעס.

post'-bag *n.* (פאוסט'-בעג) א בריעף=זאק [א זאק, אין וועלכען מען טראגט בריעף].

post'-box *n.* (פאוסט'-באקס) א בריעף=קאסטען.

post'boy *n.* (פאוסט'-באי) א פאסט=יונג, א פאסט=דיענער; א קוריער.

post'-cap'tain *n.* (פאוסט'-קעפ'-טיין) איינער פון די העכערע אפיציערען אין דער אמעריקאנער און ענגלישער פלאטע.

post'-card *n.* (פאוסט'-קארד) א פאסט=קארטעל.

post'-chaise *n.* and *v.* (פאוסט'-שייז) א פאסט=וואגען צו פיהרען פאסאזשירען; פאהרען מיט פאסט.

postclas'sical *a.* (פאוסט-קלעס'-אי-קעל) פאסט=קלאסיש, וואס האט פאסירט אדער וואס האט עקזיסטירט נאך דער קלאסישער פעריאדע פון דער גריכיש=רוימישער ליטעראטור.

post'-coach *n.* (פאוסט'-קאוטש) א פאסט=וואגען. ז. *post-chaise*.

post-commu'nion *n.* (פאוסט-קא-מיו'-ניאן) די תפילה אדער די עבודה אין דער קריסטליכער קירך נאך דעם הייליגען אבענדמאהל. ז. *communion*.

post'date *n.* (פאוסט'-דייט) א שפעטעריגע דאטע אויף א דאקומענט [ניט די ריכטיגע, ווען דער דאקומענט איז געשריבען געווארען].

postdate' *v.* (פאוסט-דייט') שטעלען א שפעטעריגע דאטע אויף א דאקומענט [ניט די ריכטיגע, פריהערע דאטע, ווען דער דאקומענט איז געשריבען געווארען].

post'-day *n.* (פאוסט'-דיי) א פאסט=טאג [דער טאג ווען די פאסט קומט אן אדער געהט אוועק].

postdilu'vial *a.* (פאוסט-די-לוה'-ווי-על) וואס האט פאסירט אדער עקזיסטירט נאך'ן מבול.

postdilu'vian *a.* and *n.* (פאוסט-די-לוה'-ווי-ען) וואס עקזיסטירט אדער וואס האט פאסירט נאך'ן מבול; איינער וואס האט געלעבט אין די צייטען נאך דעם מבול.

post-dissei'zin *n.* (פאוסט-דיס-סיע'-זין) אין געזעצגעבונג — דאס אוועקנעהמען ביי אימעצען ערד=אייגענטום אדער הייזער, וואס מען האט שוין איין מאל געריכטליך צוגענומען ביי איהם און צוריקגעגעבען איהם.

post-dissei'zor *n.* (פאוסט-דיס-סיע'-זאר) איינער וואס נעהמט אוועק ביי אימיצען ערד=אייגענטום אדער הייזער, וואס ער האט שוין איין מאל געריכטליך צוגענומען ביי איהם און צוריקגעגעבען איהם.

pos'ted up (פאוס'-טעד אפ) גוט בעקאנט מיט דער זאך.

post'-en'try *n.* (פאוסט'-ענ'-טרי) די בעקאנטמאכונג אין צאל=הויז אדער טאמאזשנע וועגען סחורות אויף א שיף, וועלכע זיינען ניט אנגעגעבען געווארען פריהער, בעת די שיף איז אריין אין האפען; אין בוכהאלטעריע — דאס אריינטראגען אדער אריינשרייבען אין בוך א צאהל אדער חשבון וואס האט געדארפט פריהער אריינגעטראגען ווערען.

pos'ter *n.* (פאוס'-טער) אן אפישען=קלעפער; אן אפישע; א בעקאנטמאכונג; איינער וואס פאהרט מיט פאסט; א פאסט=פערד.

poste restante' (פאוסט רעס-טאנט') פאסט רעסטאנט, פאסט=לאגערנד [די אבטיילונג אין פאסט, וואו עס ווערען געהאלטען בריעף ביז די פערזאן, צו וועמען דער בריעף איז אדרעסירט, קומט נאך איהם].

poste'rial *a.* (פאס-טי'-רי-על) ז. *posterior*.

poste'rior *a.* and *n.* (פאס-טי'-רי-אר) הינטער; נאכקומענד, שפעטער; א שפעטערער, א נאכהעריגער, א הינטערער.

posterior'ity *n.* (פאס-טי-רי-אר'-אי-טי) דאס זיין נאכפאלגענד נאך עפעס; דאס זיין הינטער אדער שפעטער.

poste'riorly *adv.* (פאס-טי'-רי-אר-לי) הינטער, שפעטער; אין שפעטערער צייט; נאך.

poste'rior tib'ial ar'tery (פאס-טי'-רי-אר טיב'-אי-על אר'-טע-רי) די הינטערשטע ארטעריע אדער שלאג=אדער פון שינביין. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*.

poster'ity *n.* (פאס-טער'-אי-טי) די נאכקאמענשאפט, די קינדער, די קומענדע דורות.

pos'tern *n.* and *a.* (פאוס'-טערן) א הינטער=טהירעל, א הינטער=טהיר; א קליין טהירעל נעבען א טויער אדער דעם הויפט אריינגאנג; אין א פעסטונג — א פערבארגען טהירעל נעבען הויפט=טויער; וואס איז הינטען; פריוואט [וועגען אריינגאנג].

pos'tern-door *n.* (פאוס'-טערן-דאור) ז. *postern*.

pos'tern-gate *n.* (פאוס'-טערנ-גייט) ז. *postern*.

posterolat'eral *a.* (פאס-טע-רא-לעט'-ע-רעל) וואס געפינט זיך הינטען און ביי דער זייט.

posteroter'minal *a.* (פאס-טע-רא-טויר'-מי-נעל) וואס געפינט זיך הינטען און ביי דעם ענד.

post-exil'ian *a.* (פאוסט-עג-זיל'-אי-ען) וואס איז פארגעקומען נאך גלות בבל.

post-exil'ic *a.* (פאוסט-עג-זיל'-איק) ז. *post-exilian*.

post-exis'tence *n.* (פאוסט-עג-זיס'-טענס) די קינפטיגע עקזיסטירונג; דאס קינפטיגע זיין.

post-exis'tent *a.* (פאוסט-עג-זיס'-טענט) וואס עקזיסטירט אדער לעבט נאכדעם.

postfact' *a.* and *n.* (פאוסט-פעקט') וואס איז שייך צו א פאקט וואס קומט פאר נאך אן אנדער פאקט; א פאקט וואס קומט פאר נאך אן אנדער פאקט.

post fac'to (פאוסט פעק'-טאו) נאך דער טהאט, אחר המעשה.

post'fix *n.* (פאוסט'-פיקס) אין גראמאטיק — א סופיקס, א בוכשטאב, זילבע אדער א ווארט וואס ווערט צוגעזעצט צום ענד פון א ווארט.

postfix' *v.* (פאוסט-פיקס') צוגעבען א סופיקס [א בוכשטאב, זילבע אדער ווארט צוגעגעבען צום ענדע פון א ווארט].

post'-free *a.* (פאוסט'-פריע) פאסט=פריי, אהן געצאהלט פאר'ן איבערשיקען.

post-gen'iture *n.* (פאוסט-דזשענ'-אי-טשור) דער שפעטער אדער צווייטער געבארענער [פון א צווילינג].

post-gla'cial *a.* (פאוסט-גליי'-שיעל) אין געאלאגיע — וואס איז פארגעקומען אדער וואס האט זיך אויסגעבילדעט נאך דער אייז=פעריאדע אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד.

postgrad'uate *a.* and *n.* (פאוסט-גרעד'-יו-אייט) וואס איז שייך צו א קורס פון למודים, וואס ווערט גענומען נאך'ן ענדיגען א העכערע שולע; איינער וואס נעהמט א קורס פון למודים נאכדעם ווי ער האט שוין געענדיגט א לעהר=אנשטאלט.

post'-hack'ney *n.* (פאוסט'-העק'-ני) ז. *post-horse*.

post-haste' *n.*, *a.* and *adv.* (פאוסט-הייסט') איילעניש, שנעלקייט [ווי דאס לויפען פון פאסט אדער פון א קוריער]; שנעל, גיך; שווין; באלד; אין דער גיך; אין איילעניש.

posthet'omist *n.* (פּאָס-טהעט'-אָ- מיסט) אַ בעשניידער, אַ מוהל.

posthet'omy *n.* (פּאָס-טהעט'-אָ-מי) דאָס בעשניידען; מילה.

posthi'tis *n.* (פּאָס-טהאַי'-טיס) אַן ענט- צינדונג פון דער ערלה [דאָס ענד-הייטעל פון דעם מענליכען געשלעכטס-אָרגאַן].

post hoc, ergo prop'ter hoc (פּאָסט האָק, ער'-גאָו פּראָפּ'-טער האָק) נאָך דעם, פאָלגליך צוליעב דעם [אַ פאַלשער לאָגי- שער שלוס, ווען מען נעהמט אַן, אַז איין ערשיינונג איז די אורזאַכע פון דער צווייטער מעהר ניט צוליעב דעם, ווייל די צווייטע פאָלגט נאָך דער ערשטער. ווי למשל, די נאַכט פאָלגט נאָך'ן טאָג, פאָלג- ליך, דער טאָג איז די אורזאַכע פון דער נאַכט].

post'-hole *n.* (פּאָוסט'-האָול) די גרוב וואָס מען גראָבט אויס אום אַריינצושטע- לען אַ סלופּ.

post'-horn *n.* (פּאָוסט'-האָהרן) אַ פּאָסט- האָרן [דער טרומייט פון אַן אַמאָליגען פּאָסט-טשאַליאַן אויף אַ פּאָסט-וואָגען].

post'-horse *n.* (פּאָוסט'-האָהרס) אַ פּאָסט-פערד [איינס פון די פערד, וועל- כע מען האַלט אויף די פּאָסט-סטאַנציעס צו פיהרען פּאַסאַזשירען אָדער קוריערען פון איין סטאַנציע צו דער צווייטער].

post'-house *n.* (פּאָוסט'-האָוס) אַ פערד- פּאָסט-הויז; אַ פּאָסט-קאָנטאָר.

pos'thumous *a.* (פּאָס'-טשו-מאַס) נאָכ- געבאָרען, געבאָרען נאָך'ן פאָטער'ס טויט; וואָס איז ערשיענען נאָך'ן טויט פון דעם שאַפער אָדער פערפאַסער [ווי אַ בוך וואָס ערשיינט נאָך'ן טויט פון מחבר].

pos'thumous child (פּאָס'-טשו-מאַס טשאַילד) אַ קינד וואָס ווערט געבאָרען נאָך'ן פאָטער'ס טויט.

pos'thumous fame (פּאָס'-טשו-מאַס פיים) דער רוהם נאָך'ן טויט.

pos'thumously *adv.* (פּאָס'-טשו-מאַס- לי) נאָך'ן טויט פון דעם שאַפער אָדער פערפאַסער.

postiche' *a.* (פּאָס-טיש') צו- וואָס איז צו- געגעבען געוואָרען נאָך דעם ווי די אַר- בייט האָט זיך געענדיגט [ווי אַ צוגעגע- בענער ניט ריכטיג-פּאַסענדער אָרנאַ- מענט].

pos'til *n.* (פּאָס'-טיל) אַן אַנמערקונג וואָס מען שרייבט אַן אויף דעם ברעג פון די זייטען אָדער בלעטער פון אַ בוך אָדער מאַנוסקריפּט; אַ פּירוש [בעזונ- דערס אויף די הייליגע שריפטען]; אַ קירכען-פּרעדיגט.

postil'ion *n.* (פּאָס-טיל'-יאַן) ז. *postillion*

postil'lion *n.* (פּאָס-טיל'-יאַן) אַ פּאָס- טיליאָן, אַ פּאָסטשאַליאַן, אַ בריעף-טרע- גער, אַ בריעף-פיהרער; אַ פאָר-רייטער.

pos'ting *n.* (פּאָוס'-טינג) אין בוכהאַל- טעריע — די אַריינטראָגונג אין הויפּט- בוך; דאָס רייזען שנעל, דאָס רייזען מיט דער פּאָסט.

pos'ting-house *n.* (פּאָוס'-טינג-האָוס) ז. *post-house*

pos'ting-sta'tion *n.* (פּאָוס'-טינג- סטיי'-שאַן) ז. *post-house*

postique' *a.* (פּאָס-טיק') צו- וואָס איז צו- געגעבען צופעליג; געמאַכט נאָכדעם אַז די אַרבייט איז שוין געווען געענדיגט [ווע- גען אַ פערציערונג אין סקולפּטור אָדער אַרכיטעקטור, איבערהויפּט ווען דאָס צו- געגעבענע איז אונפּאַסענד אָדער אָהן גע- שמאַק]. ז. *postiche*

post'-jack *n.* (פּאָוסט'-דזשעק) אַ גע- צייג אַרויסצוהויבען סלופּעס פון די גרוי- בער.

postlim'inary *a.* (פּאָוסט-לים'-אַי-נע- רי) וואָס איז שייך צום רעכט פון בעקו- מען די אַלטע פריוויליגיע נאָך דעם אומ- קעהרען זיך פון פערשיקונג, פון געפאַנ- גענשאַפט א. ד. ג. ז. *postliminy*

postlimin'iary *a.* (פּאָוסט-לי-מינ'- אי-ע-רי) ז. *postliminary*

postlimin'ious *a.* (פּאָוסט-לי-מינ'- אי-אַס) ז. *postliminary*

postlimin'ium *n.* (פּאָוסט-לי-מינ'- אי-אַם) ז. *postliminy*

postlim'iny *n.* (פּאָוסט-לים'-אי-ני) דאָס קריגען די פריהעריגע רעכטען און פריווילעגיעס פון איינעם, וואָס איז גע- ווען פערשיקט אָדער געפאַנגען. ווען ער קומט צוריק אהיים.

post'-line *n.* (פּאָוסט'-לאַין) אַן איי- זענבאַהן אויף סלופּעס, אַ הויך-באַהן.

post'lude *n.* (פּאָוסט'-ליוד) אין מו- זיק — אַ נאָך-שפּיעל [דאָס שפּיעלען פון אָרגעל אין אַ קירך נאָך דעם שלוס פון דעם גאָטעס-דיענסט].

post'man *n.* (פּאָוסט'-מען) אַ פּאָטשטאַ- ליאָן, אַ בריעף-טרעגער.

post'mark *n.* and *v.* (פּאָוסט'-מאַרק) אַ פּאָסט-מאַרקע; אַ פּאָסט-שטעמפּעל [מיט'ן דאַטום און פּלאַץ]; צוקלעפּען אַ פּאָסט-מאַרקע צו אַ בריעף.

post'master *n.* (פּאָוסט'-מעס-טער) אַ פּאָסט-מייסטער, אַ פּאָסט-דירעקטאָר.

post'master-gen'eral *n.* (פּאָוסט'- מעס טער-דזשענ'-ע-רעל) דער גענעראַל- פּאָסט-דירעקטאָר [דער הויפּט-פערוואַל- טער פון דער פּאָסט-סיסטעם אין לאַנד].

post'master-gen'eralship *n.* (פּאָוסט'-מעס-טער-דזשענ'-ע-רעל-שיפּ) דאָס אַמט פון אַ גענעראַל-פּאָסט-דירעק- טאָר.

post'mastership *n.* (פּאָוסט'-מעס- טער-שיפּ) דאָס אַמט פון אַ פּאָסט-מייס- טער אָדער פּאָסט-דירעקטאָר.

postmerid'ian *a.* and *n.* (פּאָוסט-מי- ריד'-אי-ען) וואָס קומט פאָר נאָך האַלבען טאָג; וואָס איז שייך צו נאָכמיטאָגס-צייט; די נאָכמיטאָגס-צייט.

post merid'iem (פּאָוסט מי-ריד'-אי- עם) נאָך האַלבען טאָג [וועגען דער צייט צווישען האַלבען טאָג און האַלבער נאַכט].

postmerid'ional *a.* (פּאָוסט-מי-ריד'- אי-אָנ-על) וואָס קומט פאָר נאָך האַלבען טאָג; וואָס איז שייך צו נאָכמיטאָגס- צייט.

post'mistress *n.* (פּאָוסט'-מיס-טרעס) אַ פּרויענצימער וואָס פערנעהמט דאָס אַמט פון אַ פּאָסט-מייסטער.

post'-mon'ey *n.* (פּאָוסט'-מאַנ'-אי) פּאָסט-געלד, דאָס געצאָהלט פאַר בענו- צען פּאָסט-פערד אויף אַ רייזע.

post-mor'tem *a.* and *n.* (פּאָוסט- מאָהר'-טעם) נאָך'ן טויט; אַ מעדיציני- שע אָדער געריכטליכע אונטערזוכונג פון קערפּער נאָך'ן טויט.

post-mor'tem examina'tion (פּאָוסט מאָהר'-טעם עג זעמ אי ניי'-שאַן) 1. די אונטערזוכונג פון אַ טויטען קער- פּער; 2. דאָס אונטערזוכען עפּעס לאַחר המעשה, נאָכדעם ווי די זאַך האָט פּאַסירט.
2. The leaders of the party gathered for a post-mortem examination of the election returns.

post-mor'tuary *a.* (פּאָוסט מאָהר'- טשו-ע-רי) וואָס האָט געטראָפען אָדער וואָס איז פּאָרגעקומען נאָך'ן טויט.

postna'tal *a.* (פּאָוסט-ניי'-טעל) וואָס געשעהט נאָך דער געבורט.

postna'tus *n.* (פּאָוסט-ניי'-טאַס) אין געזעצגעבונג — דער צווייטער זוהן; איי- נער וואָס איז געבאָרען געוואָרען נאָך אַ בעשטימטער געשעהעניש [אין די פער- איינינגטע שטאַאַטען פון אַמעריקאַ — איי- נער וואָס איז געבאָרען געוואָרען נאָך דער אונאָבהענגינגקייטס-ערקלערונג פון יאָהר 1776].

post'-note *n.* (פּאָוסט'-נאָוט) אַ פּאָסט- אַנווייזונג אויף אַ געוויסער סומע געלד [ניט מעהר פון 5 דאָלאַר]; אַ באַנק-אָנ- ווייזונג צו בעצאָהלען אַ סומע געלד אין אַ בעשטימטען שפּעטעריגען טערמין און ניט לויט דער פאָדערונג.

post-nup'tial *a.* (פּאָוסט-נאַפּ'-שעל) נאָך דער חתונה; וואָס פּאַסירט נאָך דער חתונה.

post'-oak *n.* (פּאָוסט'-אָוק) אַ מין נאָרד- אַמעריקאַנער דעמבע, וואָס וואַקסט ביז 70 פוס הויך און זעהר אַ שטאַרקען האָלץ.

post-o'bit *n.* (פּאָוסט-אָו'-ביט) אַן אָב- ליגאַציאָן אָדער פערזיכערונג וואָס איי- נער גיט אַרויס זיין מלוה צו בעצאָהלען איהם די אַנטליהענע סומע געלד נאָך דעם טויט פון פון אַ פערזאָן, וועלכע דער אַנטליי- הער ערוואַרטעט צו ירשנ'ען; אַ מעדי- צינישע אָדער געריכטליכע אונטערזוכונג פון אַ קערפּער נאָך'ן טויט.

post-o'bit bond (פּאָוסט-אָו'-ביט באָנד) אַן אָבליגאַציאָן אויף ירושה. ז. *post-obit*

post off (פּאָוסט אָף) אָוועקגעהן, אַוועק- לויפען אין איילעניש.

post'-of'fice *n.* (פּאָוסט'-אָפ'-איס) אַ פּאָסט-קאָנטאָר; אַ פּאָטשט.

post'-of'fice box (פּאָוסט'-אָפ'-איס באָקס) אַ קעסטעל אין אַ פּאָסט-קאָנטאָר צו האַלטען בעזונדער די קאָרעספּאָנדענץ פון אַ געוויסער פערזאָן אָדער פירמע [אַנ- שטאַט זי אַבצושיקען אהיים].

Post'-of'fice Depart'ment (פּאָוסט'- אָפ'-איס די-פּאַרט'-מענט) דער פּאָסט- דעפּאַרטאַמענט.

post'-of'fice or'der (פּאָוסט'-אָפ'-איס אָהר'-דער) ז. *money-order*

post'-of'fice sav'ings-bank (פּאָוסט'- אָפ'-איס סיי'-וויִנגז-בענק) אַ פּאָסט שפּאָר-קאַסע [אַ רעגיערונגס-שפּאָר-קאַסע אין אַ פּאָסט-קאָנטאָר].

post-op'erative *a.* (פּאָוסט-אָפּ'-ע- ריי-טיוו) וואָס קומט פאָר נאָך דער אָפּע- ראַציאָן [ווי אַן אונטערזוכונג פון אַ פּאַ- ציענט נאָכדעם ווי מען האָט איהם אָפּע- רירט].

post'-paid *a.* (פּאָוסט'-פּייד) פראַנקאָ, איינגעצאָהלט דאָס פּאָסט-געלד.

post'-pa'per *n.* (פּאָוסט'-פּיי'-פּער) פּאָסט-פּאַפּיער, בריעף-פּאַפּיער.

post-par'tum *a.* (פּאָוסט-פּאַר'-טאַם) וואָס קומט פאָר נאָך דער געבורט פון אַ קינד.

postpo'nable *a.* (פּאָוסט-פּאָו'-נעבל) וואָס קען אָבגעלעגט ווערען אויף שפּעטער.

postpone' *v.* (פּאָוסט-פּאָון') אָבלעגען [אויף אַן אַנדער צייט]; בעטראַכטען אַלס ווענינגער וויכטיג.

postpone'ment *n.* (פּאָוסט-פּאָונ'- מענט) דער אָבלעג, דאָס אָבלעגען [אויף אַן אַנדער צייט]; דאָס בעטראַכטען אַלס ווענינגער וויכטיג.

postpo'ner *n.* (פּאָוסט-פּאָו'-נער) אַן אָבלעגער; איינער וואָס לעגט עפּעס אָב אויף שפּעטער.

postposi'tion *n.* (פאוסט-פא-זיש'-אן) דאס שטעלען אדער דאס זיין געשטעלט אהינטער.

postposi'tional *a.* (פאוסט-פא-זיש'-אנ-על) וואס שטעלט אדער וואס ווערט געשטעלט אהינטער.

postpos'itive *a.* (פאוסט-פאז'-אי-טיוו) וואס איז געשטעלט נאך עפעס.

postpran'dial *a.* (פאוסט-פרענ'-די-על) וואס פאסירט נאך מיטאג-עסען.

post'-ri'der *n.* (פאוסט'-ראי'-דער) א רייטענדער בריעף-טרעגער.

post'-road *n.* (פאוסט'-ראוד) א פאסט-וועג, א וועג וואו עס געפינען זיך פערד-פאסט-סטאציאנען; א וועג דורך וועלכען די פאסט פיהרט די בריעף.

postrorse' *a.* (פאס-טראהרס') אומגעקעהרט צוריק; פערבויגען צוריק.

postsce'nium *n.* (פאוסט-סי'-ני-אם) דער פלאץ הינטער דער ביהנע אין א טעאטער.

postscribe' *v.* (פאוסט-סקראיב') צושרייבען אדער אונטערשרייבען נאכדעם.

post'script *n.* (פאוסט'-סקריפט) א פאסט-סקריפטום, א נאכשריפט [דאס וואס ווערט צוגעגעבען צו א בריעף נאכדעם ווי ער איז שוין געענדיגט].

post'scriptal *a.* (פאוסט'-סקריפ-טעל) וואס איז שייך צו א פאסט-סקריפטום. ז. *postscript*.

post'-stamp *n.* (פאוסט'-סטעמפ) ז. *postage-stamp*.

Post-ter'tiary *a.* and *n.* (פאוסט-טויר'-שי-ע-רי) אין געאלאגיע — נאך דער טערטיער-צייט אין דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ערד; די קווערטער-צייט. ז. *Quaternary* און *Tertiary*.

post-ton'ic *a.* (פאוסט-טאנ'-איק) וואס קומט נאך דער זילבע, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער אקצענט.

post'-town *n.* (פאוסט'-טאון) א פאסט-שטאדט [א שטאדט מיט א פאסט-קאנטאר].

post'-train *n.* (פאוסט'-טריין) א פאסט-צוג.

pos'tulant *n.* (פאס'-טשו-לענט) א פאסטולאנט, א זוכער, א פאדערער, א פערלאנגער; א קאנדידאט אויף אויפגענומען צו ווערען אין א רעליגיעזען ארדען; איינער וואס שלאגט זיך פאר פאר א גלח-שטעלע [אין דער אמעריקאנישער עפיסקאפאלישער קירך].

pos'tulate *n.* and *v.* (פאס'-טשו-לייט) א פאסטולאט, א בעהויפטונג וואס פאדערט קיין בעווייז, א זעלבסטפערשטענדליכע וואהרהייט; אין געאמעטריע — א בעהויפטונג וועלכע פאדערט ניט קיין בעווייז, אז א געוויסע קאנסטרוקציאן איז מעגליך [צ. ב. די בעהויפטונג, אז צווישען יעדע צוויי פונקטען קען געצויגען ווערען א גראדע ליניע]; א נויטווענדיגע בעדינגונג [פאר דער אויספיהרליכקייט פון עפעס]; אננעהמען אלס ריכטיג אהן א בעווייז; פארויסזעצען, אז עס איז ריכטיג; פאדערען, פערלאנגען; מאכען א פאסטולאט.

postula'tion *n.* (פאס-טשו-ליי'-שאן) דאס פאסטולירען, דאס מאכען א בעהויפטונג, וועלכע איז זעלבסטפערשטענדליך און פאדערט ניט קיין בעווייז; דאס בעשטימען אדער אויסוועהלען צו א קירכען-אמט א מענשען, וועגען וועלכען עס איז בעוויזען געווארען אז ער איז נים ווערטה דיעזען אמט.

pos'tulatory *a.* (פאס'-טשו-לע-טא-רי) וואס ווערט אנגענומען אהן א בעווייז; וואס נעהמט אן אהן א בעווייז.

postula'tum *n.* (פאס-טיו-ליי'-טאם) א פאסטולאט. ז. *postulate*.

pos'ture *n.* and *v.* (פאס'-טשור) א לאגע, א צושטאנד; א פאזע, א שטעלונג; אוועקשטעלען; בריינגען אין א געוויסער לאגע; אננעהמען א פאזע; פאזירען, מאכען אן אנשטעל, אפעקטירען; מאכען אקראבאטישע שטיק.

pos'ture-ma'ker *n.* (פאס'-טשור-מיי'-קער) אן אקראבאט.

pos'ture-ma'king *n.* (פאס'-טשור-מיי'-קינג) אקראבאטישע שטיק.

pos'turer *n.* (פאס'-טשור-ער) אן אקראבאט.

pos'turist *n.* (פאס'-טשור-איסט) אן אקראבאט.

post'-wag'on *n.* (פאוסט'-הוועג'-אן) א פאסט-וואגען.

po'sy *n.* (פאו'-זי) א מאטא; אן עפיגראם; א מאטא, אן אויפשריפט [אויף א רינג אדער אנדער זאך]; א בוקעט.

po'sy-ring *n.* (פאו'-זי-רינג) א רינג מיט אן איינגעקריצטער מאטא.

pot *n.* and *v.* (פאט) א טאפ; א קאן; א קרוג; א קווארט; שטיין-גוט, טעפערוואארע; א גרוב, א לאך; א געוויסע גרויס פון שרייב-פאפיער; א גרויסע סומע געלד; לעגען אין טעפ; בעהאלטען אין טעפ; קאכען אין א טאפ; פלאנצען אין א טאפ; מאכען ליימענע אדער פארצעלייענע טעפ; דערשיסען; טרינקען, זויפען; בעטריגען, אבנארען.

po'table *a.* and *n.* (פאו'-טעבל) טרינקבאר, וואס קען געטרונקען ווערען; פליסיג; עטוואס וואס קען געטרונקען ווערען; א געטראנק.

po'tableness *n.* (פאו'-טעבל-נעס) טרינקבארקייט, דאס קענען געטרונקען ווערען.

potage' *n.* (פא-טאזש') ז. *pottage*.

potamog'raphy *n.* (פאט-ע-מאג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון טייכען.

potamolog'ical *a.* (פאט-ע-מא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט אדער שטודיום וועגען טייכען.

potamol'ogy *n.* (פאט-ע-מאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט אדער שטודיום פון טייכען; אן אבהאנדלונג וועגען טייכען.

po'tance *n.* (פאו'-טענס) ז. *potence*.

pot'ash *n.* (פאט'-עש) פאטאש, קאלי [א שטאף וואס ווערט ערהאלטען פון האלץ-אש].

potass' *n.* (פא-טעס') ז. *potash*.

potas'sa *n.* (פא-טעס'-א) ז. *potash*.

potas'sic *a.* (פא-טעס'-איק) פון פאטאש, פון קאלי; וואס איז שייך צו קאליום [ז. *potassium*].

potas'sium *n.* (פא-טעס'-אי-אם) קאליום [א זעהר לייכטער זילבער-ווייסער מעטאל, איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען].

pota'tion *n.* (פא-טיי'-שאן) טרינקעריי, זויפעריי, פיעל-טרינקעריי; א הוליאנקע; א געטראנק; א טרונק בראנפען.

pota'to *n.* (פא-טיי'-טאו) א קארטאפעל, א בולבע; די באטאטע [זיסער שפאנישער קארטאפעל].

pota'to-bee'tle *n.* (פא-טיי'-טאו-ביע'טל) א מין אמעריקאנער זשוק, וואס ערנעהרט זיך פון קארטאפעל און מאכט א פיעל שאדען.

pota'to-blight *n.* (פא-טיי'-טאו-בלאיט) א מין קארטאפעל-קראנקהייט, וואס ווערט פעראורזאכט פון א געוויסען פאראזיטישען שוועמעל.

pota'to-bug *n.* (פא-טיי'-טאו-באג) ז. *potato-beetle*.

pota'to-dig'ger *n.* (פא-טיי'-טאו-דיג'-ער) א מאשין צו גראבען קארטאפעל.

pota'to-disease' *n.* (פא-טיי'-טאו-די-זיעז') ז. *potato-blight*.

pota'to-hook *n.* (פא-טיי'-טאו-הוק) א האנד-אינסטרומענט אין דער פארם פון א קאטשערע צו גראבען קארטאפעל.

pota'to-mur'rain *n.* (פא-טיי'-טאו-מאר'-ען) ז. *potato-blight*.

pota'to-pen *n.* (פא-טיי'-טאו-פען) א הילצערן צימערעל אויף'ן דעק פון א שיף צו האלטען קארטאפעל און אנדערע גרינסען.

pota'to-plan'ter *n.* (פא-טיי'-טאו-פלענ'-טער) אן אינסטרומענט צו זייהען קארטאפעל.

pota'tor *n.* (פא-טיי'-טאר) א טרינקער, א שכור.

pota'to-rot *n.* (פא-טיי'-טאו-ראט) ז. *potato-blight*.

po'tatory *a.* (פאו'-טיי-טא-רי) וואס ווערט געטרונקען.

pota'to-scoop *n.* (פא-טיי'-טאו-סקופ) א זיפ-פערמיגער שופעל צו נעהמען פון דער ערד אויסגעגראבענע קארטאפעל [די ערד פאלט ארויס דורך דער זיפ און די קארטאפעל בלייבען אין שופעל].

pota'to-spir'it *n.* (פא-טיי'-טאו-ספיר'-איט) קארטאפעל-שנאפס [שנאפס וואס ווערט געטריבען פון קארטאפעל].

pot'-bel'lied *a.* (פאט'-בעל'-איד) גראב-בייכיג, פוזאטע.

pot'-bel'ly *n.* (פאט'-בעל'-אי) א גראבער בויך, א פוזע.

pot'-boi'ler *n.* (פאט'-באי'-לער) א קינסטלערישע אדער ליטעראַרישע ארבייט וואס ווערט געטהאן בלויז צוליעב פרנסה.

pot'-boi'ling *n.* (פאט'-באי'-לינג) דאס טהאן א קינסטלערישע אדער ליטעראַרישע ארבייט בלויז צוליעב פרנסה.

pot'-boy *n.* (פאט'-באי) א יונג אין א שענק.

potch *v.* (פאטש) דורכבויערען, דורכשטעכען, דורכלעכערען; אין פאפיער-פאבריקאציאן — בלייכען פאפיער מיט גאז דורך אזא בלייכונגס-מאשין.

pot'-cheese *n.* (פאט'-טשיעס) צוואראג.

potch'er *n.* (פאטש'-ער) ז. *potching-machine*.

potch'er-en'gine *n.* (פאטש'-ער-ענ'-דזשין) ז. *potching-machine*.

potch'ing-machine' *n.* (פאטש'-אינג-מע-שין') אין פאפיער-פאבריקאציאן — א מאשין צו וואשען און בלייכען פאפיער.

pot'-claw *n.* (פאט'-קלאה) א קרוק איבער אן אויווען אויפצוהענגען א טאפ אדער קעסעל.

pot'-clep *n.* (פאט'-קלעפ) ז. *pot-claw*.

pot'-compan'ion *n.* (פאט'-קאמ-פענ'-יאן) א טרינק-ברודער, א מיט-טרינקער.

pot'-con'vert *n.* (פאט'-קאנ'-ווערט) איינער וואס שמד'ט זיך [אין קאטוילישע גלויבען] צוליעב א גוטען מאהלצייט.

poteen′ *n.* (פּאַ-טיען′) אירלענדישער בראַנפּען.

po′tence *n.* (פּאָו′-טענס) מאַכט, כח; ווירקזאַמקייט; אַ קרייץ אין דער פאָרם פון אַ גרויסען בוכשטאַב *T* אויף אַ וואָפּען אָדער שילד; דער טייל פון אַ טאַשען=זייגער וואו די צאַפּען=שטיינדלעך פאַר׳ן צילינדער אָדער פאַר דעם באַלאַנסרעדעל זיינען אַריינגעזעצט.

po′tency *n.* (פּאָו′-טענ-סי) מאַכט, כח; ווירקזאַמקייט; ענטוויקלונגס=מעגליכקייט.

po′tent *a.* (פּאָו′-טענט) מעכטיג, שטאַרק; ווירקזאַם.

po′tentate *n.* (פּאָו′-טענ-טייט) אַ מאַכט=האַבער, אַ הערשער.

poten′tial *a. and n.* (פּאַ-טענ′-שעל) פּאָטענציעל, וואָס איז דאַ בכח [הגם ניט בפּועל], וואָס עקזיסטירט אין דער מעגליכקייט [הגם ניט אין דער ווירקליכקייט]; אין פיזיק — וואָס ענטהאַלט איגערליך אין זיך אָבער איז ניט אין בעוועגונג [וועגען ענערגיע]; אין גראַמאַטיק — וואָס דריקט אויס די מעגליכקייט; עטוואָס וואָס איז מעגליך; אַ מעגליכקייט; אַ פּאָטענציאַל [אין מעכאַניק — די אַרבייט וואָס וואָלט פערברויכט ווערען אַריבערצוטראַגען אַלע פּונקטען פון אַ סיסטעם פון דער אונענדליכקייט צו זייער ווירקליכער פּאָזיציאָן אין וועלכער זיי געפינען זיך]; אין עלעקטריציטעט — די כאַראַקטעריסטיק פון אַ פּונקט אין אַן עלעקטריזירטען קערפּער אָדער רוים, וועלכע ווערט בעצייכענט דורך דער אַרבייט וואָס דאַרף פערברויכט ווערען צו ברינגען צו איהם [צום פּונקט] אַן איינהייט פון פּאָזיטיווער עלעקטריציטעט פון דער אונענדליכקייט; דער עלעקטריזירונגס=גראַד אין בעצוג צו אַן אַנגעגעבענער מאָס אָדער מאַסשטאַב [ווי פון דער ערד, למשל]; אין גראַמאַטיק — די פּאָטענציעלע פאָרם, די מעגליכקייטס=פאָרם.

poten′tial be′ing (פּאַ-טענ′-שעל בי′-אינג) פּאָטענציעלע עקזיסטענץ [דאָס וואָס עקזיסטירט בכח אָבער נאָך ניט בפּועל].

poten′tial en′ergy (פּאַ-טענ′-שעל ענ′-ער-דזשי) פּאָטענציעלע ענערגיע [די אינערליכע ענערגיע, וועלכע איז נאָך ניט אַרויס מכח אל הפּועל].

poten′tial exis′tence (פּאַ-טענ′-שעל עג-זיס′-טענס) פּאָטענציעלע עקזיסטענץ, דאָס עקזיסטירען בכח אָבער ניט בפּועל.

potential′ity *n.* (פּאַ-טענ-שי-על′-אי-טי) דאָס זיין אין אַ פּאָטענציעלען צושטאַנד, דאָס זיין בכח; דאָס בעזיצען די אינערליכע מעגליכקייט צו זיין ווירקזאַם אָדער צו עקזיסטירען; מעגליכקייט; ווירקונגס=פעהיגקייט.

poten′tialize *v.* (פּאַ-טענ′-שעל-איז) מאַכען פּאָטענציעל, מאַכען עס זאָל זיין בכח אָבער ניט בפּועל, פערוואַנדלען אין אַ פּאָטענציעלער פאָרם [וועגען ענערגיע]. ז. *potential*.

poten′tially *adv.* (פּאַ-טענ′-שעל-אי) אין אַ פּאָטענציעלען צושטאַנד; זייענדיג בכח אָבער ניט בפּועל, בעזיצענדיג די אינערליכע מעגליכקייט.

poten′tial mood (פּאַ-טענ′-שעל מוהד) די פאָרם פון אַ צייטוואָרט, וואָס בעצייכענט די מעגליכקייט פון אַ האַנדלונג.
The expressions "I may go" and "He can write" are in the potential mood.

poten′tiary *n.* (פּאַ-טענ′-שי-ע-רי) אַ מאַכט=האַבער; איינער וואָס האָט מאַכט אָדער איינפלוס.

poten′tiate *v.* (פּאַ-טענ′-שי-אייט) געבען מאַכט אָדער קראַפט.

potentia′tion *n.* (פּאַ-טענ-שי-איי′-שאַן) דאָס האָבען די קראַפט; צוגעפּאַסטקייט צו געוויסע אַרבייט, אויפגאַבען אָדער ציעלען.

po′tently *adv.* (פּאָו′-טענט-לי) מעכטיג, שטאַרק; ווירקזאַם; זעהר, ענטשיעדען.

po′tentness *n.* (פּאָו′-טענט-נעס) מעכטיגקייט, מאַכט; ווירקזאַמקייט.

pot′-fish *n.* (פּאַט′-פיש) דער פּאַטוואַלפיש אָדער קאַשעלאָט [אַזאַ וואַלפיש].

pot′-fish′er *n.* (פּאַט′-פיש′-ער) אַ פישער וואָס כאַפּט פיש האַלטענדיג זיך אויף׳ן וואַסער מיט דער הילף פון אַ ליימענער כלי; אַ פישער אָדער יעגער וואָס רעכענט זיך ניט מיט די רעגולאַציאָנען און מיט דער עטהיק פון פיש=פאַנג און יאַגד.

pot′-fish′erman *n.* (פּאַט′-פיש′-ער-מען) איינער וואָס כאַפּט פיש האַלטענדיג זיך אויף׳ן וואַסער מיט דער הילף פון אַ ליימענער כלי.

pot′ful *n.* (פּאַט′-פול) אַ טאָפּ פול, אַזוי פיעל וויפיעל עס קען אַריין אין אַ טאָפּ אָדער אין אַ קאַן.

pot′-hang′er *n.* (פּאַט′-העננ′-ער) ז. *pothook*.

pot′-hat *n.* (פּאַט′-העט) אַזאַ רונדער שטייפער פילץ=הוט.

pot′head *n.* (פּאַט′-העד) אַ דומקאָפּ, אַ נאַר.

potheen′ *n.* (פּאַ-טהיען′) ז. *poteen*.

poth′er *n. and v.* (פּאַטה′-ער) אַ געררודער, אַ לאַרם, אַ טומעל; מאַכען אַ גערודער, אַ לאַרם אָדער טומעל; קוועלען, דאַקוטשען.

pot′-herb *n.* (פּאַט′-אוירב) קיך=גרינס, געמיזען.

pot′-hole *n.* (פּאַט′-האָול) אַן אויסהוילונג אין אַ פעלז, וואו שטיינער דרעהען זיך דורך דער קראַפט פון אַ וואַסערשטראָם.

pot′hook *n.* (פּאַט′-הוק) אַ טאָפּ=הענגער, אַ קעסעל=הענגער [אַ האָקען, אויף וועלכען מען הענגט אויף טעפּ אָדער קעסלען]; אַ האָקען אָראָבצונעהמען די הייסע דעקלעך אָדער טעפּ פון אַן אויווען; פערדרעהטע שטריכען ביים לערנען זיך שרייבען; אַ געקריצעל, אַ געפּאַטשקעטע שריפט, "קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס".

pot′hooks and hang′ers (פּאַט′-הוקס ענד הענג′-ערז) "קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס", אַ שלעכטע שריפט, אַ פּאַטשקעריי.

pot′-house *n.* (פּאַט′-האַוס) אַ ביִערהויז, אַ שֶענק.

pot′-house politi′cian (פּאַט′-האַוס פּאַל-אי-טיש′-ען) אַ שענק=פּאָליטיקער, אַ פערדאָרבענער, אומפעראַנטוואָרטליכער קליינליכער פּאָליטיקאַן.

pot′-hun′ter *n.* (פּאַט′-האַנ′-טער) אַ יעגער אָדער פישער וואָס רעכענט זיך ניט מיט די רעגעלען אָדער עטהיק פון יאַגד אָדער פיש=פאַנג.

pot′-hun′ting *n.* (פּאַט′-האַנ′-טינג) פיהרען יאַגד אָדער כאַפּען פיש, ניט רעכענענדיג זיך מיט די רעגעלען אָדער עטהיק פון יאַגד אָדער פיש=פאַנג.

potichoma′nia *n.* (פּאַט-אי-קאַ-מיי′-ני-אַ) ביליגע בעציערונגען פון פּאַפּיער און לייוונט אויף גלאָז אָדער פּאָרצעליי.

po′tion *n.* (פּאָו′-שאַן) אַ טראַנק, אַ נעטראַנק [הויפּטזעכליך אַ מעדיצינישער].

pot′-knight *n.* (פּאַט′-נאַיט) אַ שכור.

pot′-lace *n.* (פּאַט′-לייס) קרוישפּיצען [קרוזשעווס], וואָס די אוזאַרען שטעלען מיט זיך פאַר קוישעלעך אָדער טעפּ מיט בלומען.

pot′-la′dle *n.* (פּאַט′-ליי′דל) אַ פּאָלאָנעק, אַ קאָך=לעפעל.

pot′-lead *n. and v.* (פּאַט′-לעד) גראַפיט; בעדעקען מיט גראַפיט.

pot′-lid *n.* (פּאַט′-ליד) אַ טאָפּ=דעקעל.

pot′-lid valve (פּאַט′-ליד וועלוו) אַ דעקעל=קלאַפּע [ביי מאַשינען].

pot′-luck′ *n.* (פּאַט′-לאַק′) עפּעס וואָס עס איז צום עסען; אַ מאָהלצייט, ביי וועלכען מען האָט ניט געמאַכט קיין פאָרבערייטונגען פאַר געסט.

pot′-man *n.* (פּאַט′-מען) אַ שכור; אַ יונג אין אַ שענק, אַ שענק=דיענער.

pot′-mar′igold *n.* (פּאַט′-מער′-אי-גאָולד) אַ מין זופּען=גרינס.

pot′-met′al *n.* (פּאַט′-מעט′-על) אַזאַ מעטאַל וואָס בעשטעהט פון אַ מישונג פון בליי און קופּער; אַ מין גוס=אייזען [טשוגון] צו מאַכען טעפּ; גלאָז וואָס איז געפאַרבט דורך און דורך.

pot′-met′al glass (פּאַט′-מעט′-על גלעס) גלאָז געפאַרבט דורך און דורך.

potoma′nia *n.* (פּאָו-טאַ-מיי′-ני-אַ) שכרות=קראַנקהייט [אַן אומרעזעטליכער פערלאַנג נאָך פער׳שכור׳ענדע משקאות]. ז. *dipsomania*.

pototroma′nia *n.* (פּאָו-טאַ-טראַ-מיי′-ני-אַ) משוגעת וואָס קומט פון שכרות.

pot′-pie *n.* (פּאַט′-פּאַי) אַ פּאַשטעטע פון פלייש [געבאַקען אין אַ טאָפּ]; אַ פריקאַסע פון פלייש אין שטיקלעך פּודינג.

pot′-plant *n.* (פּאַט′-פּלענט) אַ טאָפּ=פּלאַנצע.

pot′-plate *n.* (פּאַט′-פּלייט) אַזאַ פּאָרצעלייען טעצעל מיט אָרנאַמענטען אין דער פאָרם פון וואַזעס, קערבלעך א. ז. וו.

potpourri′ *n.* (פּאָו-פּוה-ריע′) אַ פּאָפּורי, אַ געמישטע מוזיקאַלישע מעלאָדיע; אַ ליטעראַרישע זאַמלונג פון זאַכען וואָס האָבען ניט קיין צוזאַמענהאַנג; אַ מישמאַש; אַ געמישט געריכט [פון פלייש און גרינסען]; אַ ראָסעל=פלייש; אַ געמיש פון פּאַרפיומען.

potpourri′-jar *n.* (פּאָו-פּוה-ריע′-דזשאַר) אַ סלאָי צו האַלטען געמישטע פּאַרפיומען אָדער פערשיעדענע שמעקעדיגע בלומען.

pot′-roast *n.* (פּאַט′-ראָוסט) געבראָטענס.

pot′shard *n.* (פּאַט′-שאַרד) ז. *potsherd*.

pot′shell *n.* (פּאַט′-שעל) ז. *potsherd*.

pot′sherd *n.* (פּאַט′-שוירד) אַ שערבעל פון אַ טאָפּ.

pot′-shop *n.* (פּאַט′-שאַפּ) אַ שענקעל.

pot′-shot *n.* (פּאַט′-שאַט) אַ שאָס פאַר׳ן טאָפּ [אַ שאָס פון אַ יעגער, וועלכער איז געציעלט אַבי נור צו דערשיסען די חיה אום צו האָבען איהר פלייש פאַר׳ן טאָפּ, ניט קוקענדיג וואָס דער שאָס איז ניט קינסטלעריש נעגוג פון אַ יעגער=שטאַנדפּונקט]; אַ גוט געציעלטער שאָס.

pot′-stick *n.* (פּאַט′-סטיק) אַ שטעקעל צו מישען קאַשע.

pot′stone *n.* (פּאַט′-סטאָון) טאָפּ=שטיין [אַ מין באַרנע=עהנליכע אויסגעהוילטע מאַסע פון קרעמען]; פעט=שטיין, זייף=שטיין [ז. *soapstone*].

pot′tage *n.* (פּאַט′-עדזש) זופּ; קאַשע.

pot'ted beef (פאט'-עד ביעף) ז. *potted meat*.

pot'ted meat (פאט'-עד מיעט) פלייש־קאנזערווען [איבערהויפט פון געווירצטען רינד־פלייש, געשניטען אין קליינע שטיקלעך].

potteen' *n.* (פא-טיען') ז. *poteen*.

pot'ter *n. and v.* (פאט'-ער) א טעפער; א קאנזערווירער [פון פלייש, גרינסען א. ז. וו.]; זיך אבגעבען מיט פוסטע זאכען; פטר'ען צייט; ארבייטען מיט ווייניג ענערגיע; געהן לאנגזאם און שווער, קריכען; דאקוטשען, בעלעסטיגען.

pot'ter about' (פאט'-ער ע-באוט') זיך ארומשלעפען אהן א ציעל.

pot'terer *n.* (פאט'-ער-ער) איינער וואס שלעפט זיך פויל ארום, וואס צו'פטר'ט צייט; איינער אדער עטוואס וואס בעאונרוהיגט, דאקוטשעט אדער בעלעסטיגט.

pot'ters' asth'ma (פאט'-ערז עסט'-מא) ז. *potters' bronchitis*.

pot'ters' bronchi'tis (פאט'-ערז בראנ-קאי'-טיס) טעפער־בראנכיטיס [ענטצינדונג פון די לופט־רעהרען וואס ענטוויקעלט זיך ביי טעפער־ארבייטער].

pot'ter's clay (פאט'-ערז קליי) ליים צו מאכען טעפ.

pot'ters' consump'tion (פאט'-ערז קאנ-סאמפ'-שאן) ז. *potters' bronchitis*.

pot'ter's field (פאט'-ערז פיעלד) א קהל'שער בית־עלמין פאר ארימע און עלענדע.

pot'ters' lathe (פאט'-ערז לייטה) ז. *potters' wheel*.

pot'ters' ore (פאט'-ערז אור) בליי־גלאנץ [רויהער בליי וואס ווערט געברויכט צו גלאזירען ליימענע כלים].

pot'ters' wheel (פאט'-ערז הוויעל) דאס דרעה־ראד פון א טעפער [אויף וועלכען די טעפ בעקומען א רונדע פארם].

pot'ter-wasp *n.* (פאט'-ער-הוואספ) די טעפער־וועספע [אזא אינזעקט וואס בויט בלאטע־צעלען אין קיילעכדיגע אויסהוילונגען, ווי אין שפולען, אין צונויפגעוויקלעטע שטיקלעך פאפיער א. ז. וו.].

pot'tery *n.* (פאט'-ער-אי) טעפער־וואארע; א טעפעריי, א טעפ־פאבריק; טעפער־ארבייט, טעפ־פאבריקאציאן.

pot'tery-tis'sue *n.* (פאט'-ער-אי-טיש'-אוה) אזא דין פאפיער, מיט דער הילף פון וועלכען מען מאכט אוזארען אויף ליימענע כלים.

pot'tery-ware *n.* (פאט'-ער-אי-הוועהר) טעפער־וואארע.

pot'ting *n.* (פאט'-אינג) דאס טרינקען; קאנזערווירונג פון פלייש; דאס איבערטראגען פלאנצען פון גארטען אין טעפ אדער פון איין טאפ אין צווייטען.

pot'ting-house *n.* (פאט'-אינג-האוס) א געביידע, וואו מען זעצט פלאנצען אין טעפ.

pot'tle *n.* (פאטל) א טרינק־קאן; א טאפ; א קערבעל פאר פרוכטען; א מאס פון צוויי קווארט.

pot'tle-bel'lied *a.* (פאט'ל-בעל'-איד) ז. *pot-bellied*.

pot'tle-bod'ied *a.* (פאט'ל-באד'-איד) ז. *pot-bellied*.

pot'tle-deep *a.* (פאט'ל-דיעפ) ביז'ן דעק פון דעם טרינק־קאן.

pot'-val'iancy *n.* (פאט'-וועל'-יען-סי) ז. *pot-valiantry*.

pot'-val'iant *a.* (פאט'-וועל'-יענט) בעהארצט פון טרינקען, מוטיג נאך א גלעזעל משקה.

pot'-val'iantry *n.* (פאט'-וועל'-יענט-רי) מוטיגקייט נאך א גלעזעל משקה, שכרות־כוטה.

pot'-wab'bler *n.* (פאט'-הוואב'-לער) ז. *pot-walloper*.

pot'-wal'ler *n.* (פאט'-הוואל' ער) ז. *pot-walloper*.

pot'-wal'loper *n.* (פאט'-הוואל'-אפ-ער) א קוכער, א שיפס־קוכער; א געשירוואשער, א טעלער־שווינקער; איינער וואס קאכט פאר זיך אליין; אן אונפערהייראטער הויז־פיהרער; אין דער ענגלישער געשיכטע — איינער וואט האט זעקס מאנאטען געוואהנט אין א בעצירק און האט פאר א יאהר צייט ניט גענומען קיין צדקה [בלויז אזעלכער האט פאר דער וואהל־רעפארמע פון 1832 רעכט געהאט צו שטימען ביי די פארלאמענטס־וואהלען].

pot'-wal'loping *n. and a.* (פאט'-הוואל'-אפ-אינג) דאס רוישען פון א זידענדען טאפ; וואס האט רעכט געהאט צו שטימען ביי פארלאמענט־וואהלען אין ענגלאנד פאר דער וואהל־רעפארמע פון 1832. ז. *pot-walloper*.

pot'-wheel *n.* (פאט'-הוויעל) א ראד ארומגעהאנגען מיט עמערס צו שעפען וואסער. ז. *noria*.

pot'work *n.* (פאט'-הוואירק) א קליינע טעפער־פאבריק; א פאבריקעל וואו מען מאכט די געמיינערע זארטען טעפער־וואארע.

pot'-work *n.* (פאט'-הוואירק) א פיש־אויל פאבריק.

pot'-works *n.* (פאט'-הוואירקס) ז. *pot-work*.

pot'-wrest'ler *n.* (פאט'-רעסט'-לער) א קוכער; א קעכין.

pouch *n. and v.* (פאוטש) א זאק; א בייטעל; א טאש, א קעשענע; א פאסט־זאק, א פאטראנען־טאש; א בייטעל־עהנליכע פאנאנדערציהונג פון די באקען; די בייטעל־טהיערע; אריינלעגען אין קעשענע, אין א בייטעל אדער זאק; איינשלינגען; פערשווייגען; אנפילען די קעשענעס, בעזארגען מיט געלד; אויפבלאזען; ווערען אויפגעבלאזען.

pouched *a.* (פאוטשט) מיט א בייטעל [וועגען די בייטעל־טהיערע]. ז. *Marsupialia*.

pouched an'imals (פאוטשט ענ'-אי-מעלז) די בייטעל־טהיערע. ז. *Marsupialia*.

pou'chet-box *n.* (פאו'-טשעט-באקס) ז. *pounce-box*.

pouch'-hook *n.* (פאוטש'-הוק) א האקען אויפצוהענגען פאסט־זעק ביים סארטירען פאסט־זאכען.

pouch'less *a.* (פאוטש'-לעס) אהן א בייטעל [וועגען חיות — אין נעגענזאץ צו בייטעל־טהיערע].

pouch'-ma'ker *n.* (פאוטש'-מיי'-קער) א בייטעל־מאכער.

pouchong' *n.* (פוה-טשאנג') א מין כינעזישע טהעע.

poudrette' *n.* (פוה-דרעט') א מיסטונג פאר פעלדער וואס ווערט געמאכט פון געטריקענטע מיסט אויסגעמישט מיט האלץ־קויהלען, גיפס א. ז. וו.

pouffe *n.* (פוהף) עטוואס וואס איז קויעלעכדיג און ווייך; א פוף [אן אויפגעפאלדעוועטער, אויפגעבלאזענער טייל פון א קלייד]; א ווייכע אטאמאנקע [אזא דיוואן] אויף פרוזשינעס.

poule *n.* (פוהל) סטאווקע, איינשטעל [אין געוויסע שפיעלען]; פול [א מין ביליארד־שפיעל]; די דריטע פיגור אין קאדריל.

poulp *n.* (פוהלפ) א טינט־פיש, אן אקטאפוס. ז. *cuttlefish*.

poulpe *n.* (פוהלפ) ז. *poulp*.

poult *n. and v.* (פאולט) א היהנדעלע, א יונגער הויז־פויגעל [ווי אן אינדיק, ענטעל א. ד. ג.]; שעכטען אדער טויטען הויז־פויגעל.

poul'terer *n.* (פאול'-טער-ער) א היהנער־הענדלער; איינער וואס האנדעלט מיט עופות [אויך מיט קליינע יאגד־טהיערע]; פארצייטענס אין ענגלאנד — דער אויפזעהער איבער די קעניגליכע עופות.

poul'tice *n. and v.* (פאול'-טיס) א קרייטער־פלאסטער; צולעגען א קרייטער־פלאסטער.

poul'try *n.* (פאול'-טרי) הויזליכע געפליגעל, הויזליכע עופות; היהנער.

poul'try-farm *n.* (פאול'-טרי-פארם) אן עופות־פערמע [וואו מען בעשעפטיגט זיך מיט האדעווען עופות].

poul'try-fee'der *n.* (פאול'-טרי-פיע'-דער) אן עפענונג אין דער פארם פון א לייקע, דורך וועלכער עס שיטען זיך אויטאמאטיש קערנער אין דער כלי, פון וועלכער די עופות פיקען.

poul'try-house *n.* (פאול'-טרי-האוס) א היהנער־הויז, א היהנער־שטאל.

poul'try-yard *n.* (פאול'-טרי-יארד) א היהנער־הויף.

pounce *n. and v.* (פאונס) א קלויע [א פוס־נאגעל פון א פויגעל אדער פון א חיה]; טינט־פולווער [א פולווער צום פערהיטען דאס פלייצען פון טינט אויף פאפיער]; קויהלען־שטויב [געברויכט ביים קאפירען א צייכנונג]; ארויפפאלען מיט די קלויען; ארויפפאלען; כאפען מיט די נעגעל; כאפען; בעשפרענקלען מיט קויהלען־שטויב; דורכשטויבען; דורכלעכערען, דורכשטעכען; מאכען א בארווע אויף א פילץ־הוט; אברייבען א פילץ־הוט מיט זאמד־פאפיער.

pounce'-bag *n.* (פאונס'-בעג) א שטריי־זעקעל, א זעקעל מיט לעכלעך, אנגעפילט מיט קויהלען־שטויב [ווערט בצענוצט ביי איבערקאפירען א צייכנונג].

pounce'-box *n.* (פאונס'-באקס) א שטריי־קעסטעלע [א קעסטעלע מיט לעכלעך צום שטרייען קויהל־שטויב אדער זאמד]; א פארפיומען־קעסטעלע.

pounced *a.* (פאונסט) בעגעלעכערט; בעשטויבט; וואס האט נעגעל אדער קלויען [וועגען חיות און פויגלען].

pounce'-pa'per *n.* (פאונס'-פיי'-פער) א מין קאפיר־פאפיער.

poun'cet-box *n.* (פאונ'-סעט-באקס) ז. *pounce-box*.

pound *n. and v.* (פאונד) א פונט; א פונט סטערלינג [אן ענגלישע געלד־איינהייט, אונגעפעהר 5 אמעריקאנער דאלאר]; א קלאפ, א קנאל; א פפאנד־שטאל [א שטאל אדער ארומצאמונג וואו מען פערהאלט אלס שטראף בהמות און מען האלט זיי אלס משכון]; אזא זעהר גרויסער פיש־נעץ; אן אבטיילונג אין אזא נעץ; איינשפארען אין א פפאנד־שטאל; איינשפארען; צוריקהאלטען, צווינגען; איינטיילען [אין אבטיילונגען]; צושלאגען, צושטויבען; קלאפען, שלאגען אהן אויפהער; געהן שווער און לאנגזאם.

poun'dage *n.* (פּאַונ'-דעדזש) קאָמיסיאָן פון פונט סטערלינג; פונט צאָל, אבצאָהלונג פון פונט; אַ געוויסער פּראָצענט פון דעם ווערטה פון ארעסטירטען פערמעגען, וואס ווערט געגעבען אלס בעלוינונג דעם בעאַמטען, וואס האט אויסגעפיהרט דעם ארעסט; דאס איינשפּארען בהמות אלס שטראַף און משכון; דאס אויסלעזגעלד פון פערנומענע בהמות; די זאלץ וואס ענטהאלט זיך אין אַ קוביקפוס פון געזאלצענעם וואַסער; זאמלען אלס קאמיסיאָן פון פונט סטערלינג; ארויפלעגען אן אבצאָהל פון פונט.

pound'-breach *n.* (פּאַונד'-בריעטש) דאס בעפרייען מיט געוואַלט ארעסטירטעס פערמעגען.

pound'-cake *n.* (פּאַונד'-קייק) אזא זיסער קוכען.

poun'der *n.* (פּאַונ'-דער) אַ שטויסעל, אַ טאלקאטש, אַ שטאַמפּ; אַ זאַך אדער פערזאָן וואס וועגט אַ געוויסע צאָהל פונטען; אַן אויפזעהער איבער אַ שטאַל וואו מען שפּארט איין פערהאַלטענע פיה.

pound'-fool'ish *a.* (פּאַונד'-פוהל'-איש) וואס פערנאַכלעסיגט גרויסע זאכען אדער גרויסע סומען געלד, אום צו פערהיטען קלייניגקייטען.

pound for pound (פּאַונד פאַר פּאַונד) אַ פונט פאר אַ פונט, אין אַ גלייכער מאָס אדער פּראָפּאָרציאָן.

poun'ding *n.* (פּאַונ'-דינג) דאס פּרובירען דאס געוויכט פון מטבעות פאַר'ן פּרעגען [שטעמפּלען].

poun'ding-machine' *n.* (פּאַונ'-דינג-מע-שין') אַ שטויס-מאַשין, אַ פולווער-מאַשין.

poun'ding-mill *n.* (פּאַונ'-דינג-מיל) ז. *pounding-machine*

pound'-kee'per *n.* (פּאַונד'-קיע'-פּער) אַן אויפזעהער איבער אַ שטאַל וואו מען שפּארט איין פערנומענע פיה אלס משכון.

pound'man *n.* (פּאַונד'-מען) אַ פישער וואס כאַפּט פיש מיט דער הילף פון אַ מין גרויסען פיש-נעץ.

pound'master *n.* (פּאַונד'-מעס-טער) ז. *pound-keeper*

pound'-net *n.* (פּאַונד'-נעט) אַ מין גרויסער פיש-נעץ אדער פיש-פּאַסטקע.

pound'-weight *n.* (פּאַונד'-הוועיט) אַ פונט-געוויכט.

pour *v. and n.* (פּאַור) גיסען, שיטען; שטאַרק פליסען; שטאַרק רעגנען; שטראָמען; זיך פערשפּרייטען; פערגיסען, מאַכען פליסען; אַ גוס, אַ שטרעמונג, אַ שטאַרקער פלוס, אַ שלאַקס-רעגען.

pour'er *n.* (פּאַור'-ער) אַ גיסער, אַן אויסגיסער.

pour oil on the fire (פּאַור איל אָן טהי פאַיר) גיסען אויל אויף'ן פייער, פערערגערען, פערגרעסערען [כעס, האס א. ז. וו.].

pourpar'ler *n.* (פּוהר-פּאַר'-ליי) אַ פאַר-קאָנפערענץ, אַ פאַרבערייטונגס-אונטערהאַנדלונג.

pour wa'ter in'to a sieve (פּאַור וואָה'-טער אינ'-טו ע סיוו) גיסען וואַסער אין אַ זיפּ, טהאָן אַ נוצלאָזע זאַך.

pour wa'ter on the hands (פּאַור וואָה'-טער אָן טהי הענדז) בעדיענען [אַ ביבלישער אויסדרוק].

poussette' *v.* (פּוה-סעט') זיך דרעהען טאַנצענדיג אין פּאַרלעך.

pou sto (פּוה סטאָו) אַ שטיץ-פּונקט, אַ פּלאַץ צום שטעהען אדער אנצושפּארען זיך; אַ טהעטיגקייטס-באַזיס; אַ שטאַנדפּונקט.

Archimedes is reported to have said: "Give me a **pou sto** and with a lever I would move the world".

pout *n. and v.* (פּאַוט) אַ נאָמען פון פערשיעדענע פיש, וועלכע האבען אויפגעבלאָזענע קערפּער-טיילען; דער האָרן-קאַץ-פיש [אַ מין אמעריקאַנער קאַץ-פיש ז. *catfish*]; דער האַזעל-האָהן, די בירקען-הוהן אדער וואַלד-קוראָפּאַטקע; אנגעבלאָזענע ליפּען; שלעכטע שטימונג; אנבלאָזען די ליפּען, זיך בלאָזען; אויפגעבלאָזען ווערען; געהן אין יאַגד אויף קוראָפּאַטקעס; כאַפּען קאַץ-פיש.

pou'ter *n.* (פּאַו'-טער) איינער וואס בלאָזט זיך אדער וואס איז אנגעבלאָזען; די קראָפּ-טויב [אַ מין טויב וואס האט אַ טבע אנצובלאָזען די ברוסט; אַ מין פיש [ז. *pout*]; איינער וואס פיהרט יאַגד אויף בירקען-היהנער אדער קוראָפּאַטקעס.

Pouter

pou'ting *n.* (פּאַו'-טינג) דאס אנבלאָזען די ליפּען, דאס אנבלאָזען זיך; די יאַגד אויף בירקען-היהנער אדער קוראָפּאַטקעס; דאס כאַפּען קאַץ-פיש אדער עהנליכע מינים פיש. ז. *pout*

pou'tingly *adv.* (פּאַו'-טינג-לי) מיט אנגעבלאָזענע ליפּען, אנגעבלאָזען.

pov'erty *n.* (פּאָוו'-ער-טי) ארימקייט; נויט.

pov'erty-strick'en *a.* (פּאָוו'-ער-טי-סטריק'ן) פעראָרימט; נויט-בעדירפטיג.

pow'der *n. and v.* (פּאַו'-דער) שטויב; פּודער; פולווער, שיס-פולווער; אַ פּראָשעק; בעשיטען מיט פּודער, שטויב, אש א. ז. וו.; אנפּודערען; זיך פּודערען; פּעקלען, קאָנזערווירען; בעשפּרענקלען, פּאַנאַנדערוואַרפען; פערוואַנדעלט ווערען אין שטויב; בעציערען מיט קליינע אוזאָרען, וואס האלטען זיך אין איין וויעדערהאָלען; שטאַרק אנגרייפען; אנמאַכען אַ ליאַרם.

pow'der and shot (פּאַו'-דער ענד שאָט) פולווער און בליי.

pow'der-blow'er *n.* (פּאַו'-דער-בלאָו'-ער) אַ מעדיצינישער אינסטרומענט צום בעשיטען וואונדען מיט פּודער; אַ פאַרריכטונג פאַנאַנדערצושפּרייטען פולווערירטען אינזעקטען-גיפט.

pow'der-box *n.* (פּאַו'-דער-באָקס) אַ פּודער-פּושקעלע; אַ שטריי-פּושקעלע מיט זאַמד צו בעשטרייען געשריבען פּאַפּיער כדי די טינט זאָל אבטריקענען.

pow'der-cart *n.* (פּאַו'-דער-קאַרט) אַ פולווער-וואַגען [אין מיליטער].

pow'der-cham'ber *n.* (פּאַו'-דער-טשיים'-בער) אַ פּלאַץ אונטער דער ערד וואו מען האלט פולווער.

pow'der-chest *n.* (פּאַו'-דער-טשעסט) אַ קעסטעל מיט פולווער, טשוועקעס א. ז. וו. וואס פלעגט זיין בעפעסטיגט ביי די זייטען פון פאַרצייטיגע שיפען און פלעגט עקספּלאָדירט ווערען בעת אַ פיינדליכען איבערפאַל.

pow'der-divi'sion *n.* (פּאַו'-דער-די-וויזש'-אָן) די מאַטראָזען-אבטיילונג אויף אַ קריעגס-שיף וואס דערלאַנגט צו דער האַנד די נויטיגע שיס-מאַטעריאַלען בעת אַ שלאַכט.

pow'dered *a.* (פּאַו'-דערד) געפּודערט, בעשטויבט; געזאַלצען, געפּעקעלט; פערברענט ביים רויכערען [ווי למשל, הערינג]; בעציערט מיט אַ רייה קליינע אוזאָרען, וואס האלטען זיך אין איין וויעדערהאָלען.

pow'der-flag *n.* (פּאַו'-דער-פלעג) אַ רויטער פלאַג, וועלכען מען הייגגט ארויס אויף אַ שיף אלס צייכען, אַז מען האלט אין אנלאָדען אדער אויסלאָדען שיס-פולווער.

pow'der-flask *n.* (פּאַו'-דער-פלעסק) אַ פולווער-פלאַש, אַ פולווער-האָרן.

pow'der-gun *n.* (פּאַו'-דער-גאַן) אַן אינסטרומענט אויסצושטרייען אינזעקטען-פולווער.

pow'der-horn *n.* (פּאַו'-דער-האָהרן) אַ פולווער-האָרן [אזא גרויסער האָרן אין וועלכען יעגער האלטען פולווער].

pow'deriness *n.* (פּאַו'-דער-אי-נעס) שטויביגקייט, דאס זיין צושטויסען אדער צוריבען ווי פולווער.

pow'dering *n.* (פּאַו'-דער-אינג) דאס צורייבען אין שטויב; דאס פּודערען; דאס בעשטויבען; דאס זאַלצען, דאס פּעקלען [פלייש, פיש]; דאס בעציערען מיט קליינע אוזאָרען [מעהרסטענטייל אזעלכע וואס האלטען זיך אין איין וויעדערהאָלען].

pow'dering-gown *n.* (פּאַו'-דער-אינג-גאַון) אַ לייכטער מאַנטעל וואס פרויען און מענער פלעגען אמאָל טראָגען, אום זייערע קליידער זאָלען נים פערשטויבט ווערען פון דעם קאָפּ-פּודער; אַ מאָרגען-קלייד, אַ כאַלאַט.

pow'dering-mill *n.* (פּאַו'-דער-אינג-מיל) אַ צושטויבונגס-מאַשין, אַ צושטויבונגס-אַפּאַראַט.

pow'derings *n.* (פּאַו'-דער-איגנז) שטיקלעך פעלץ, וועלכע ווערען ארויפגעלעגט אויף פעלץ-פעל [כדי עס זאָל אויסזעהן ווי הערמעלין-פעלץ. ז. *ermine*].

pow'dering-tub *n.* (פּאַו'-דער-אינג-טאַב) אַן איינזאַלצונגס-פאַס; אַ שוויץ-וואַנע.

pow'der-magazine' *n.* (פּאַו'-דער-מעג-ע-זין') אַ פולווער-מאַגאַזין; אַ פולווער-סקלאַד, אַ פולווער-לאַגער; אַ פולווער-קאַמער אין אַ שיף.

pow'der-mill *n.* (פּאַו'-דער-מיל) אַ פולווער-פאַבריק.

pow'der-mine *n.* (פּאַו'-דער-מאַין) אַ מינע [אַן אויסהוילונג אנגעפילט מיט אויפרייסונגס-שטאָפען].

pow'der-mon'key *n.* (פּאַו'-דער-מאַנ'-קי) אַ שיפס-יונג וואס טראָגט צו פולווער צו די קאַנאָנען.

pow'der of sym'pathy (פּאַו'-דער אָוו סימ'-פּע-טהי) אזא פּראָשעק, וועגען

וועלכען מען פלעגט אמאל גלויבען, אז ער קען היילען וואונדען, ווען מען זאל מיט איהם בעשיטען די בלוט=פלעקען אויף די קליידער פון דעם פערוואונדעטען.

pow′der-pa′per *n.* (פאו′-דער-פיי′-פער) אזא פאפיער אנגעזאפט מיט פערשיעדענע כעמישע שטאפען, וואס דיענט אלס שיס=פולווער.

pow′der-post *n.* (פאו′-דער-פאוסט) האלץ וואס איז דורכגעפוילט און דורכגעפרעסען פון ווערים.

pow′der-pro′ver *n.* (פאו′-דער-פרוה′-ווער) א פולווער=פראביר=אפאראט.

pow′der-puff *n.* (פאו′-דער-פאף) א פודער=שפריצער; א פודער=קישעלע [צום פודערען].

pow′der-room *n.* (פאו′-דער-רוהם) א פולווער=קאמער אויף א קריעגס=שיף.

pow′der-sug′ar *n.* (פאו′-דער-שוג′-אר) מעהל=צוקער, זאמד=צוקער, מעלעץ.

pow′dery *a.* (פאו′-דער-אי) מעהליג, שטויביג; בעפודערט, ווי בעפודערט; וואס קען צוריבען ווערען, וואס צושיט זיך.

pow′er *n.* (פאו′-ער) קראפט, מאכט, שטארקייט; פעהיגקייט, טאלאנט; ווירקזאמקייט; פאלמאכט; א מענגע, א גרויסע צאהל; מעכאנישע ענערגיע, בעוועגונגס=קראפט; אין מאטעמאטיק — די פאטענץ [דער רעזולטאט וואס בעקומט זיך פון· כפל′ען א צאהל אויף זיך אליין, ווי x^2, y^3 א. ד. ג.]; א מאכטהאבער; א רעגיערונג; אן ארמעע, מיליטערישע מאכט, ים=מאכט; א צייכען פון אונטערטעניגקייט; א שלייער; די פערגרעסערונגס=קראפט פון א גלאז; די גלעזער פון א טעלעסקאפ אדער מיקראסקאפ; א גייסטיגעס וועזען.

pow′erful *a. and adv.* (פאו′-ער-פול) מעכטיג, קרעפטיג, שטארק; ווירקזאם; צאהלרייך; זעהר.

pow′erfully *adv.* (פאו′-ער-פול-אי) מיט קראפט, מיט מאכט; שטארק, ענערגיש; ווירקזאם.

pow′erfulness *n.* (פאו′-ער-פול-נעס) מעכטיגקייט, שטארקייט; ווירקזאמקייט.

pow′er-house *n.* (פאו′-ער-האוס) א קראפט=אנלאגע, א פלאץ, וואו עס געפינט זיך די טרייב=קראפט פאר מאשינעריע.

pow′erless *a.* (פאו′-ער-לעס) מאכטלאז, קראפטלאז; אונווירקזאם.

pow′erlessly *adv.* (פאו′-ער=לעס-לי) אויף א מאכטלאזען אדער קראפטלאזען אופן.

pow′erlessness *n.* (פאו′-ער-לעס-נעס) קראפטלאזיגקייט; מאכטלאזיגקייט; אונווירקזאמקייט.

pow′er-loom *n.* (פאו′-ער-לוהם) א וועבער=שטוהל וואס ווערט בעטריבען דורך וואסער, דאמפף אדער דורך אן אנדערער מעכאנישער קראפט.

pow′er-machine′ *n.* (פאו′-ער-מע-שין′) א מאשין וואס ווערט בעטריבען דורך א געוויסער מעכאנישער קראפט [ניט דורך די הענד].

pow′er of ac′ting (פאו′-ער אוו עק′-טינג) שוישפיעל=טאלענט [טאלענט אדער פעהיגקייט צו שפיעלען אלס אקטיאר].

pow′er of attor′ney (פאו′-ער אוו ע-טויר′-ני) די פאלמאכט צו האנדלען אדער ארויסצוטרעטען פאר אן אנדערען [ווי ביים קויפען אדער פערקויפען אייגענטום, ביים זאמלען ארענדע=געלד א. ז. וו].

pow′er of inactiv′ity (פאו′-ער אוו אינ-עק-טיוו′-אי-טי) אין מעכאניק — די רוה=קראפט, אינערציע.

pow′er of restitu′tion (פאו′-ער אוו רעס-טי-טיו′-שאן) די קראפט, וואס א קערפער האט אנצונעהמען די פריהערדיגע פארם, לאגע אדער געשטאלט [וועגען עלאסטישע קערפער].

pow′er-press *n.* (פאו′-ער-פרעס) א דרוק=פרעס וואס ווערט בעטריבען מיט עלעקטריציטעט, דאמפף, גאז אדער דורך אן אנדערער מעכאנישער קראפט.

pow′ers (*the*) (פאו′-ערז) די מעכטע, די גרויסמעכטע פון אייראפא [ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, רוסלאנד און איטאליען].

pow′ers of dark′ness (פאו′-ערז אוו דארק′-נעס) דעם שטן′ס חילות, די מלאכי חבלה.

pow′wow *n. and v.* (פאו′-הוואו) אן אינדיאנער גייסטליכער; א קראנקהייטס=בעשווערונג ביי די אינדיאנער וואס ווערט אויסגעפיהרט אונטער טענץ און לארם; א לארמענדע פערזאמלונג; היילען קראנקהייטען דורך בעשווערונג און לחשים; אבהאלטען א בעראטונג; אבהאלטען א לארמענדע פערזאמלונג.

pox *n.* (פאקס) פאקען; סיפילים.

pox of (פאקס אוו) ז. *pox on*.

pox on (פאקס אן) א מגפה אויף [אלס קללה].

poy *n.* (פאי) א באלאנסיר=שטאנג [א שטאנג וואס א שטריק=טענצער האט אין די הענד צו האלטען גלייכגעוויכט בשעת ער געהט אויף′ן שטריק].

pozzuola′na *n.* (פאט-סו-א-לא′-נא) פוצאלאן=ערד [א מין ערד וואס ווערט געמישט אין צעמענט].

pp. אבקירצונג פון *pages* [זייטען].

pr. אבקירצונג פון *pronoun*

praam *n.* (פראהם) א האלענדישע אדער באלטישע בארזשע מיט א פלאכען דעק; א שווימענדע באטאריי [א בארזשע בעוואפענט מיט הארמאטען].

practicabil′ity *n.* (פרעק-טי-קע-ביל′-אי-טי) אויספיהרבארקייט, מעגליכקייט; אנווענדבארקייט; ברויכבארקייט.

prac′ticable *a.* (פרעק′-טי-קעבל) מעגליך, אויספיהרבאר; אנווענדבאר; געברויכבאר; פאהרבאר [וועגען א וועג].

prac′ticableness *n.* (פרעק′-טי-קעבל-נעס) ז. *practicability*

prac′ticably *adv.* (פרעק′-טי-קע-בלי) אויף אן אויספיהרבארען אופן; אויספיהרבאר; דורכגענגליך, דורכפאהרבאר [וועגען א וועג].

prac′tical *a.* (פרעק′-טי-קעל) 1. פראקטיש; וואס קומט פון דער פראקטיק אדער פון ערפאהרונג; 2. ווירקליך, פאקטיש.

2. The victory may be turned into a practical defeat.

prac′tical chem′istry (פרעק′-טי-קעל קעמ′-אים-טרי) פראקטישע כעמיע [כעמיע וואס ווערט בענוצט אין פאבריקאציאן און אין פראקטישען לעבען].

prac′tical geom′etry (פרעק′-טי-קעל דזשי-אמ′-ע-טרי) די געאמעטריע וואס ווערט בענוצט ביי לאנד=מעסטען אדער אויפנעהמען פלענער; געאמעטרישעס צייכנען.

practical′ity *n.* (פרעק-טי-קעל′-אי-טי) פראקטישקייט.

prac′tical joke (פרעק′-טי-קעל דזשאוק) א שפיצעל וואס ווערט אימעצען אבגעטהאן.

prac′tical judg′ment (פרעק′-טי-קעל דזשאדזש′-מענט) א פראקטישער שכל, א פראקטישער פערשטאנד.

prac′tical knowl′edge (פרעק′-טי-קעל נאל′-עדזש) פראקטישע קענטניסע; קענטניסע וועלכע קענען אנגעווענדעט ווערען אין פראקטישען לעבען.

prac′tically *adv.* (פרעק′-טי-קעל-אי) אויף א פראקטישען אופן; פון א פראקטישען שטאנדפונקט; דורך ווירקליכער ערפאהרונג; פאקטיש, ווירקליך.

prac′tical man (פרעק′-טי-קעל מען) א פראקטישער מענש, א מענש מיט ערפאהרונג.

prac′ticalness *n.* (פרעק′-טי-קעל-נעס) ז. *practicality*

prac′tical philos′ophy (פרעק′-טי-קעל פי-לאס′-א-פי) פראקטישע פילאזאפיע, די פילאזאפיע וואס האט פראקטישע רעזולטאטען.

prac′tical rea′son (פרעק′-טי-קעל ריעזן) דער פראקטישער שכל, די ווירקונג פון דער מענשליכער פערנונפט [שכל] בנוגע צו פראקטישע האנדלונגען; אין קאנט′ס פילאזאפיע — די פראקטישע פערנונפט, די פערנונפט, וועלכע גיט אונז אונמיטעלבארע קענטניסע פון פליכט, נשמה און גאט.

prac′tice *n. and v.* (פרעק′-טים) פראקטיק; איבונג; האנדלונג; ערפאהרונג; געוועהנהייט; ערפאהרענהייט; פראקסים; קונדשאפט [ווי פון א דאקטאר אדער אדוואקאט]; פראקטיצירען; אויספיהרען, אויסאיבען; עקספערימענטירען; זיך איינאיבען, זיך איינלערנען, זיך איינגעוועהנען אין עפעס; אינטריגירען; אונטערשטעלען א פיסעל; קאנספירירען; מאכען א פערשווערונג.

Prac′tice Act (פרעק′-טים עקט) געוויסע סטאטוטען אין איינינע שטאאטען פון נארד=אמעריקא וועגען דער רעגולירונג פון דער פראצעדורע אין געריכט ביים פיהרען ציווילע משפטים.

prac′tice at the bar (פרעק′-טים עט טהי באר) פראקטיצירען אלס אדוואקאט.

prac′ticer *n.* (פרעק′-טים-ער) א פראקטיקאנט, איינער וואס פראקטיצירט; אן אינטריגאנט, א קאנספיראטאר, א פערשווערער.

prac′tice-ship *n.* (פרעק′-טים-שיפ) א שיף צו מאכען איבונגען פאר יונגע מאטראזען.

practi′cian *n.* (פרעק-טיש′-ען) א פראקטיקער.

prac′tise *v.* (פרעק′-טים) פראקטיצירען; אויספיהרען; אויסאיבען; עקספערימענטירען; זיך איינאיבען, זיך איינלערנען, זיך איינגעוועהנען אין עפעס; אינטריגירען; קאנספירירען; מאכען א פערשווערונג; אונטערשטעלען א פיסעל.

prac′tiser *n.* (פרעק′-טים-ער) ז. *practicer*

practi′tioner *n.* (פרעק-טיש′-אנ-ער) 1. א פראקטיקאנט, איינער וואס פראקטיצירט; 2. א מענש מיט פראקטיק, אן ערפאהרענער מענש.

1. Our physician is a noted practitioner.

prad *n.* (פרעד) א פערד [אויף גנבים=שפראך].

prad′-hol′der *n.* (פרעד′-האול′-דער) א צוים פון א פערד.

præc′ipe *n.* (פרעס′-אי-פי) א שריפט, וואס בעפעהלט, אז עטוואס זאל געטהאן ווערען אדער פערלאנגט אן אורזאכע וואָרום עטוואס איז פערנאכלעסיגט געווארען;

א שריפטליכע פארערונג וואס ווערט איבערגעגעבען איין געריכט פון דעם קלעגער אדער זיין פערטרעטער, דאס עס זאל ארויסגעגעבען ווערען אן אנקלאגעשריפט געגען דעם אנגעקלאגטען.

præcog'nita *n.* (פרי-קאג'-ני-טא) פארקענטניסע. ז. *præcognitum*.

præcog'nitum *n.* (פרי קאג'-ני-טאם) א פארקענטניס [עטוואס פון דער וויסענשאפט וואס מען דארף פערשטעהן אום מען זאל קענען לערנען עפעס אנדערס].

præme'tial *a.* (פרי-מי'-שי-על) וואס איז שייך צו די ערשטע פרוכטען.

præmuni're *n. and v.* (פרי-מיו-נאי'-רי) אין ענגלישער געזעצגעבונג—דאס פערברעכען פון איינפיהרען א פרעמדע מאכט אין לאנד, וועלכע בעשרענקט די קעניגליכע מאכט [בעזאנדערס די איינפיהרונג פון דער פאפסטליכער מאכט]; די שטראף פאר אזא פערברעכען; די אנקלאגע אדער בעשולדיגונגס-אקט פאר אזא פערברעכען; אנקלאגען פאר אזא פערברעכען.

præno'men *n.* (פרי-נאו'-מען) דער אלט-רוימישער פארנאמען [דער נאמען פאר דעם פאמיליען-נאמען, ווי דער ערשטער אדער פערזענליכער נאמען היינט].

præpos'iter *n.* (פרי-פאז'-אי-טער) ז. *prepositor*.

præpos'itor *n.* (פרי-פאז'-אי-טאר) ז. *prepositor*.

prætermit' *v.* (פרי-טויר-מיט') ז. *pretermit*.

præ'tor *n.* (פריע'-טאר) אן אלט-רוימישער פרעטאר [א מאגיסטראט אדער בירגער-מייסטער, וועלכער פלעגט יעדעס יאהר געוועהלט ווערען].

præto'rian *n. and a.* (פרי-טאו'-רי-ען) א פרעטאריאנער; פרעטאריאניש. ז. *pretor*.

præto'rium *n.* (פרי-טאו'-רי-אם) ז. *pretorium*.

præ'torship *n.* (פריע'-טאר-שיפ) דאס פרעטאר-אמט. ז. *prætor*.

pragmat'ic *a. and n.* (פרעג-מעט'-איק) פראגמאטיש; וואס איז שייך צו ציווילע ענינים, וואס איז שייך צו די ציווילע ענינים פון א שטאאט אדער געמיינדע; וואס פארשט אויס די אורזאכען און פאלגען [וועגען געשיכטע]; אין קאנט'ס פילאזאפיע — וואס נים אן די נויטיגע מיטלען פון גליק; טהעטיג, ארבייטזאם, פלייסיג; וואס איז פערנומען מיט אלטעגליכע בעשעפטיגונגען; אלטעגליך, וואכעדיג; וואס בעשעפטיגט זיך מיט קליינינקייטען; וואס מישט זיך אין פרעמדע עסקים, וואס שטעקט אריין איבעראל די נאז; איינגעבילדעט, וויכטיג ביי זיך; א בעפעהל אדער ארדינאנץ, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון דעם הויפט פון א שטאאט; א צודרינגליכע פערזאן, איינער וואס מישט זיך אין פרעמדע עסקים.

pragmat'ica *n.* (פרעג מעט'-אי-קא) א בעפעהל אדער ארדינאנץ, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון דעם הויפט פון א שטאאט.

pragmat'ical *a.* (פרעג-מעט'-אי-קעל) ווירקליך, פאקטיש; טהעטיג, ארבייטזאם, פלייסיג; וואס איז פערנומען מיט אלטעגליכע בעשעפטיגונגען; אלטעגליך, וואכעדיג; וואס בעשעפטיגט זיך מיט קליינינקייטען; וואס מישט זיך אין פרעמדע עסקים, וואס שטעקט אריין איבעראל די נאז; איינגעבילדעט, וויכטיג ביי זיך.

pragmat'ically *adv.* (פרעג-מעט'-אי-קעל-אי) זייענדיג שטארק בעשעפטיגט; זייענדיג פערנומען מיט אלטעגליכע בעשעפטיגונגען; מישענדיג זיך אין פרעמדע עסקים, אריינשטעקענדיג איבעראל די נאז.

pragmat'icalness *n.* (פרעג-מעט'-אי-קעל-נעס) צודרינגליכקייט, דאס מישען זיך אין פרעמדע עסקים, דאס אריינשטעקען איבעראל די נאז; טהעטיגקייט, ארבייטזאמקייט, פלייסיגקייט, בעשעפטיגונג.

pragmat'ic meth'od (פרעג-מעט'-איק מעטה'-אד) די פראגמאטישע מעטאדע, די מעטאדע פון אויספארשען היסטארישע פאסירונגען און ערשיינונגען אין בעצוג צו זייערע אורזאכען און פאלגען.

pragmat'ic sanc'tion (פרעג-מעט'-איק סענק'-שאן) א פראגמאטישע סאנקציאן, א דעקרעט אדער בעפעהל פון דעם הויפט פון א לאנד וועגען א וויכטיגען ענין; דער דעקרעט פון קעניג קארל דעם 6טען, דאס די ערבשאפט פון עסטרייכישען טהראן קען אויך איבערגעהן צו פרויען.

pragmat'ic treat'ment (פרעג-מעט'-איק טריעט'-מענט) די פראגמאטישע בעהאנדלונג פון היסטארישע ערשיינונגען און פאסירונגען. ז. *pragmatic method*.

prag'matism *n.* (פרעג'-מע-טיזם) צודרינגליכקייט; אריינמישונג אין פרעמדע עסקים; די פראגמאטישע מעטאדע אין שטודירען געשיכטע [ז. *pragmatic method*]; אין פילאזאפיע — די לעהרע, אז דער גאנצער אינהאלט פון אונזער דענקען און וויסען ווערט בעשטימט דורך פראקטישע ציעלען; דעריבער איז ניטא קיין שום געדאנק אדער אידעע וואס זאל בעשאפען ווערען צוליעב א ריין טעארעטישען אדער אבסטראקטען אינטערעס. דאס וואס מיר רופען רעאליטעט אדער ווירקליכקייט איז ניט אן אבסאלוטע, פון אייביג עקזיסטירענדע זאך, נאר דאס געפינט זיך שטענדיג אין פראצעס פון בעשאפען ווערען, און די הויפט-ראלע אין דיעזער בעשאפונג שפיעלען די פראקטישע אינטערעסען און צוועקען פון די מענשען.

prag'matist *n.* (פרעג'-מע-טיסט) איינער וואס מישט זיך אומעטום; אן אנהעננער פון דער פראגמאטישער מעטאדע. ז. *pragmatic method*.

prag'matize *v.* (פרעג'-מע-טאיז) מאכען ווירקליך, מאכען פאקטיש; צוגעבען א ווירקליכע אדער ממשות'דיגע עקזיסטענץ צו עטוואס פאנטאסטישעס.

prag'matizer *n.* (פרעג'-מע-טאי-זער) איינער וואס גיט צו א ווירקליכע אדער ממשות'דיגע עקזיסטענץ צו עטוואס איינגעבילדעטעס אדער פאנטאסטישעס.

prai'rie *n.* (פריי'-רי) א פריירי, א גראז-לאנקע, א גראז-סטעפע, א שטיק לאנד אהן בוימער בעוואקסען מיט גראז; די גראז-פעלדער ביי דעם טייך מיסיסיפי [אין אמעריקא].

prai'rie-bird *n.* (פריי'-רי-בוירד) ז. *prairie-chicken*.

prai'rie-chick'en *n.* (פריי'-רי-טשיק'-ען) די פריירי-הוהן [אזא נארד-אמעריקאנישער פויגעל אין די וועסטליכע טיילען פון לאנד, וועלכע האט א בינטעל שפיציגע פעדערען אויף די זייטען פון האלז].

prai'rie-cock'tail *n.* (פריי'-רי-קאק'-טייל) אן אמעריקאנער געטראנק, וועלכער בעשטעהט פון רויהע אייער מיט זאלץ און ספיריטוס.

prai'ried *a.* (פריי'-ריד) ארומגעזוימט אדער ארומגערינגעלט מיט גראז-לאנקעס אדער סטעפעס.

prai'rie-dog *n.* (פריי'-רי-דאג) דער פריירי-הונד [א נארד-אמעריקאניש גריזשענד חיה'לע וואס בילט ווי א הונד. געפינט זיך אין די וועסט-טיילען פון לאנד].

Prairie-dog

prai'rie-grouse *n.* (פריי'-רי-גראוס) ז. *prairie-chicken*.

prai'rie-hen *n.* (פריי'-רי-הען) ז. *prairie-chicken*.

prai'rie-mar'mot *n.* (פריי'-רי-מאר'-מאט) ז. *prairie-dog*.

prai'rie-oys'ter *n.* (פריי'-רי-אויס'-טער) ז. *prairie-cocktail*.

prai'rie-plow *n.* (פריי'-רי-פלאו) אזא גרויסער פלוג מיט רעדער פון פארענט ארויסצוקערען גרויסע פלאכטעס ערד.

prai'rie-rat'tlesnake *n.* (פריי'-רי-רעט'ל-סנייק) די פריירי קלאפער-שלאנג [איינע פון די פערשיעדענע קלאפער-שלאנגען, וועלכע געפינען זיך אין די גראז-סטעפעס פון די וועסטליכע געגענדען פון נארד-אמעריקא].

prai'rie-rose *n.* (פריי'-רי-ראוז) די פריירי-רויז [אזא ווילדע קלעטערנדע רויז אין נארד-אמעריקא].

prai'rie-schoo'ner *n.* (פריי'-רי-סקוה'-נער) אזא געצעלט-וואגען, מיט וועלכען מען פלעגט זיך בענוצען אין די פריירים [גראז-סטעפעס] אין אמעריקא, איידער אייזענבאהנען זיינען נאך דארטען געבויט געווארען.

prai'rie-squir'rel *n.* (פריי'-רי-סקהוואר'-על) די פריירי-וועווערקע [אזא נארד-אמעריקאניש חיה'לע עהנליך צו א וועווערקע, וואס געפינט זיך אין די גראז-סטעפעס פון די וועסטליכע געגענדען פון נארד-אמעריקא].

prai'rie-wolf *n.* (פריי'-רי-וואולף) דער פריירי-וואלף [אזא קליינער וואלף, וועלכער געפינט זיך אין די גראז-סטעפעס פון די וועסטליכע געגענדען פון נארד-אמעריקא].

praise *v. and n.* (פרייז) לויבען, ריהמען; לויב, א שבח; דאנק, רוהם; א געגענשטאנד אדער גרונד פון א לויב אדער שבח; א פערזאן אדער זאך וואס איז ווערטה געלויבט צו ווערען.

praise at par'ting (פרייז עט פאר'-טינג) אן אבשיעדס-וואונש.

praise'ful *a.* (פרייז' פיל) לויבענס-ווערטה; פול מיט לויב.

praise'less *a.* (פרייז'-לעס) אהן לויב, אהן א שבח; ניט ווערטה קיין לויב.

praise'-mee'ting *n.* (פרייז'-מיע'-טינג) א גאטעסדיענסט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא וואס בעשטעהט הויפטזעכליך פון געזאנג.

prai'ser *n.* (פריי'-זער) איינער וואס לויבט אדער ריהמט; א שבחים-זאגער.

praise up (פרייז אפ) לויבען אין הימעל ארייז.

praise'worthily *adv.* (פרייז'-הוואיר-טהי-לי) לויבענסווערטה, אויף א לויבענסווערטהען אופן.

praise'worthiness *n.* (פרייז'-הוואיר-טהי-נעס) לויבענסווירדיגקייט.

praise'worthy *a.* (פרייז'-הוואיר-טהי) לויבענסווערטה, וואס איז ווערטה געלויבט צו ווערען.

pra'line *n.* (פרא'-לין) אזא קאנפעקט וואס ווערט געמאכט פון מאנדלען אדער ניס-יאדרעס, וועלכע ווערען איינגעקאכט אין צוקער.

pram *n.* (פראם) אזא האלענדישע אדער באלטישע בארזשע [שיף] מיט א פלאכען דעק; א בארזשע אויף וועלכער עס איז אויפגעשטעלט א הארמאטען-באטאריי.

prance *v.* (פרענס) שטאלץ געהן; שטאלץ רייטען; אונטערשפרינגען געהענדיג, הויבען אין דער הויך די הינטערשטע פיס [וועגען א פערד].

pran'cer *n.* (פרענ'-סער) א שפרינג-פערד, א פערד וואס שפרינגט אונטער אדער געהט שטאלץ ביים רייטען.

pran'cing *n.* and *a.* (פרענ'-סינג) דאס אונטערשפרינגען אדער דאס שטאלץ געהען פון א פערד ביים רייטען; אונטערשפרינגענדיג, שטאלץ רייטענדיג.

pran'cingly *adv.* (פרענ'-סינג-לי) אונטערשפרינגענדיג, שטאלץ געהענדיג [וועגען א פערד]; שטאלץ-רייטענדיג.

pran'dial *a.* (פרענ'-די-על) וואס איז שייך צו א מאהלצייט אדער צו מיטאגעסען.

prank *v.* and *n.* (פרענק) דעקארירען; אויספוצען; פערציערען; א שפאס, א שטוקע, א שפיצעל, א שטיפעריי.

pran'ker *n.* (פרענ'-קער) א פראנט, איינער וואס ליעבט זיך צו פוצען.

pran'kingly *adv.* (פרענ'-קינג-לי) אויסגעפוצטערהייד.

pran'kish *a.* (פרענ'-קיש) שטיפעריש; וואס האט ליעב צו מאכען שפאס אדער אבטהאן א שפיצעל.

prank'some *a.* (פרענק'-סאם) ז. *prankish*

prase *n.* (פרייז) דער פראזעם [אזא טייערער שטיין פון העל-גרינעם קאליר].

pras'eolite *n.* (פרעס'-אי-א-לאיט) דער פראזעאליט [אזא מינעראל].

pras'ine *a.* (פרעס'-אין) העל-גרין, געלב-גרין.

pras'inous *a.* (פרעס'-אי-נאס) ז. *prasine*

pra'tal *a.* (פריי'-טעל) וואס וואקסט אויף לאנקעס.

prate *v.* and *n.* (פרייט) פלוידערען, פלאפלען; פלוידעריי, פלאפלעריי.

pra'ter *n.* (פריי'-טער) א פלאפלער, א פלוידערזאק.

prat'ic *n.* (פרעט'-איק) ז. *pratique*

pra'ting *n.* and *a.* (פריי'-טינג) פלאפלעריי, פלוידעריי; פלאפלענד, פלוידערענד.

pra'tingly *adv.* (פריי'-טינג-לי) פלאפלענדיג, פלוידערענדיג.

prat'ique *n.* (פרעט'-איק) אן ערלויבניש צום האנדעלס-פערקעהר פון א שיף וואס עס ווערט ארויסגעגעבען פון דעם האפען-בעאמטען [נאכדעם ווי עס איז אונטערזוכט געווארען דער געזונדהייטס-צושטאנד פון דער שיף].

prat'tle *v.* and *n.* (פרעטל) פלאפלען, פלוידערען; בריינגען צו עפעס דורך פלוידעריי; פלוידעריי, פלאפלעריי.

prat'tlebox *n.* (פרעט'ל-באקס) א פלוידערזאק, א פלאפלער.

prat'tlement *n.* (פרעט'ל-מענט) פלוידעריי, פלאפלעריי.

prat'tler *n.* (פרעט'-לער) א פלאפלער, א פלוידערזאק.

prat'tling *a.* (פרעט'-לינג) פלוידערענד, פלאפלענד.

prav'ity *n.* (פרעוו'-אי-טי) פערדארבענהייט.

prawn *n.* (פראהן) דער קרעוועט אדער גראנאט-קרעבס [אזא קליינער ים-ראק, ווערט פיעל געברויכט אלס שפייז אין ענגלאנד].

prax'is *n.* (פרעק'-סיס) פראקסיס, פראקטיק, איבונג; א ביישפיעל אדער א זאמלונג פון ביישפיעלע צו לערנען די פראקטיק פון א וויסענשאפט אדער קונסט.

Praxitele'an *a.* (פרעקס-איט-ע-לי'-ען) וואס איז שייך צו פראקסיטעלעס [איינער פון די גרעסטע סקולפטארען אין אלט-גריכענלאנד].

pray *v.* (פריי) בעטען, ארויסטרעטען מיט א בקשה; גאט בעטען, מתפלל זיין; דאוונען.

prayer *n.* (פרעהר) א געבעט; א ביטע, א בקשה; א תפלה.

pray'er *n.* (פריי'-ער) איינער וועלכער בעט; א בעל תפלה.

prayer'-book *n.* (פרעהר'-בוק) א געבעט-בוך, א סדור תפלות.

prayer'-cure *n.* (פרעהר'-קיור) דאס היילען א קראנקהייט מיט תפלות.

prayer'ful *a.* (פרעהר'-פול) וואס איז שטענדיג מתפלל, וואס דאווענט פיעל; פרום.

prayer'fully *adv.* (פרעהר'-פול-אי) דאווענענדיג שטענדיג; דיענענדיג גאט; אויף א פרומען שטייגער.

prayer'fulness *n.* (פרעהר'-פול-נעס) דאס שטענדיגע מתפלל זיין; פרומקייט.

prayer'less *a.* (פרעהר'-לעס) וואס דאווענט ניט, וואס איז ניט פרום; וועמען עס העלפען ניט קיין תפלות.

prayer'lessness *n.* (פרעהר'-לעס-נעס) דאס ניט האבען די געוועהנהייט צו דאווענען.

prayer'-mee'ting *n.* (פרעהר'-מיע'-טינג) דאס צוזאמענקומען צו דיענען גאט [ניט אין א קירך].

prayer'-mill *n.* (פרעהר'-מיל) ז. *praying-wheel*

prayer'-mon'ger *n.* (פרעהר'-מאנ'-גער) א פראפעסיאנעלער בעל-תפלה; איינער וואס מאכט א געשעפט פון מתפלל זיין פאר אנדערע.

prayer'-rug *n.* (פרעהר'-ראג) ביי מאכמעדאנער — א קליינער קאוויאר, אויף וועלכען מען פאלט כרעים ביים דאוונען.

pray'ing *n.* (פריי'-אינג) גאטעסדיענסט, די עבודה, א תפלה, א געבעט.

pray'ing-in'sect *n.* (פריי'-אינג-אינ'-סעקט) ז. *Mantis*

pray'ingly *adv.* (פריי'-אינג-לי) בעטענדיג, אויף א בעטענדען שטייגער.

pray'ing-machine' *n.* (פריי'-אינג-מע-שין') ז. *praying-wheel*

pray'ing-man'tis *n.* (פריי'-אינג-מענ'-טיס) ז. *Mantis*

pray'ing-wheel *n.* (פריי'-אינג-הוויעל) ביי די בודיסטען פון מזרח-אזיען — א ראד אדער צילינדער, צו וועלכען עס זיינען צוגעקלעפט פערשיעדענע תפילות, און יעדע בעוועגונג פון ראד אדער צילינדער ווערט גערעכענט ווי עס איז געזאגט געווארען א תפילה פון דעם, ווער עס בעוועגט איהם.

preaccusa'tion *n.* (פרי-עק-יו-זיי'-שאן) א פריהעריגע בעשולדיגונג.

preach *v.* and *n.* (פריעטש) דרש'ענען, פרעדיגען, זאגען מוסר; עפענטליך ערקלערען; מודיע זיין; האלטען א דרשה; א דרשה, א פרעדיגט.

preach down (פריעטש דאון) ארונטעררייסען, קריטיקירען; טאדלען; פערדאמען; בעזיעגען דורך פרעדיגען.

prea'cher *n.* (פריע'-טשער) א דרשן, א פרעדיגער, א מוסר-זאגער; א מגיד, א בעל-מוכיח.

prea'chership *n.* (פריע'-טשער-שיפ) דאס אמט פון א פרעדיגער.

prea'chify *v.* (פריע'-טשי-פאי) האלטען לאנגע און נודנע דרשות.

prea'ching *n.* (פריע'-טשינג) דאס פרעדיגען, דאס האלטען דרשות; דאס וואס ווערט געפרעדיגט, א לעהרע, א טעאריע.

prea'ching-cross *n.* (פריע'-טשינג-קראהס) א צלם אין א גאס אדער אין אן אפענעם פלאץ וואו גלחים אדער מאנאכען שטעלען זיך אב און האלטען א דרשה פאר דעם עולם.

prea'ching-house *n.* (פריע'-טשינג-האוס) א געבעט-הויז, א בית-תפלה.

preach'man *n.* (פריעטש'-מען) א פרעדיגער, א דרשן.

preach'ment *n.* (פריעטש'-מענט) א פרעדיגט, דרשה; א לאנגווייליגע מוסר-דרשה.

preach up (פריעטש אפ) פרעדיגען לטובת אימעצען אדער עפעס.

prea'chy *a.* (פריע'-טשי) גענייגט צו האלטען לאנגווייליגע מוסר-דרשות.

preacquaint' *v.* (פרי-ע-קהווינט') בייצייטען אדער לכתחלה בעקענען מיט עפעס.

preacquain'tance *n.* (פרי-ע-קהוויינ'-טענס) דאס זיין בעקאנט אדער דאס וויסען עפעס לכתחלה, נאך פון פריהער.

preact' *v.* (פרי-עקט') טהאן עפעס פארויס, לכתחלה.

preadam'ic *a.* (פרי-ע-דעמ'-איק) פאר אדם הראשון'ען.

pread'amite *a.* and *n.* (פרי-עד'-ע-מאיט) וואס האט עקזיסטירט פאר אדם הראשון; איינער אדער עפעס וואס האט עקזיסטירט פאר אדם הראשון; איינער וועלכער האלט, אז אויף דער ערד האבען זיך געפונען מענשען נאך פאר אדם הראשון.

preadamit'ic *a.* (פרי-עד-ע-מיט'-איק) פאר אדם הראשון'ען.

preadamit'ical *a.* (פרי-עד-ע-מיט'-אי-קעל) ז. *preadamitic*

preadapta'tion *n.* (פרי-עד-עפ-טיי'-שאן) דאס צופאסען זיך פארויס.

preadjust'ment *n.* (פרי-ע-דזשאסט'-מענט) א פריהערדיגע איינארדנונג אדער צורעכטמאכונג.

preadmis'sion *n.* (פרי-עד-מיש'-אן) דאס אריינלאזען אדער צולאזען פארויס; דאס צוגעבען פארויס.

preadmon'ish *v.* (פרי-עד-מאַנ'-איש) דערמאָנען אָדער װאָרענען [מזהיר זײַן] פֿון פֿריהער.

preadmoni'tion *n.* (פרי-עד-מאָ-ניש'-אַן) אַ פֿריהערדיגע װאָרנונג.

pread'vertise *v.* (פרי-עד'-װאָיר-טאַיז) אַנזאָגען אָדער אַנאָנסירען פֿון פֿריהער; לאָזען פֿאָרױס װיסען.

pre'amble *n. and v.* (פרי'-עמבל) אַן אײַנלײַטונג צו אַ רעדע אָדער שריפֿט; אַ הקדמה, אַ פֿאָררעדע; דער אײַנלײַטענדער טײל פֿון אַ סטאַטוט אָדער פּראָגראַם, װעלכער דריקט אױס די הױפּטגרינדע פֿון די נאָכפֿאָלגענדע פֿאָדערונגען; דיענען אַלס הקדמה אָדער פֿאָררעדע; מאַכען אַ פֿאָררעדע.

pream'bular *a.* (פרי-עמ'-ביו-לאַר) ז. *preambulary*

pream'bulary *a.* (פרי-עמ'-ביו-לע-רי) אײַנלײַטענד; װאָס דיענט אַלס הקדמה.

preannounce' *v.* (פרי-ע-נאַונס') פֿריהער אַנזאָגען, פֿריהער אַנאָנסירען.

preappoint' *v.* (פרי-ע-פּאָינט') בעשטימען פֿון פֿריהער.

preappoint'ment *n.* (פרי-ע-פּאָינט'-מענט) די פֿריהער־אַבגעמאַכטע אָדער בעשטימטע זאַך.

preapprehen'sion *n.* (פרי-עפּ-רי-הענ'-שאַן) אַ פֿאָרגעפֿאַסטע מײנונג [אַ מײנונג איבער אַ זאַך װאָס איז געפֿאַסט געװאָרען אײדער די זאַך איז בעטראַכט געװאָרען].

prearrange' *v.* (פרי-ע-רײנדזש') אײַנאָרדנען פֿון פֿריהער; לכתחלה בעשטימען.

prearrange'ment *n.* (פרי-ע-רײנדזש'-מענט) אַ בעצײַטיגע צוגרײטונג אָדער אײַנאָרדנונג פֿון אַ זאַך.

preau'dience *n.* (פרי-אָה'-די-ענס) אין ענגלאַנד — דאָס רעכט פֿון געװיסע אַדװאָקאַטען צו רעדען פֿאַר'ן געריכט פֿריהער פֿאַר אַנדערע.

preb'end *n.* (פּרעב'-ענד) די פּרעבענדע [אַ בעשטימטע יעהרליכע הכנסה װאָס אַ גײַסטליכער אָדער געװעהנליכער מענש בעקומט פֿאַר ערפֿילען געװיסע פֿליכטען אין אַ קירך אָדער קאַטעדראַל]; דאָס אַמט פֿון אַ פּרעבענדאַר [אײנער װאָס בעקומט אַ פּרעבענדע].

preb'endal *a.* (פּרעב'-ען-דעל) װאָס איז שײך צו אַ פּרעבענדע. ז. *prebend*

preb'endal stall (פּרעב'-ען-דעל סטאָהל) די פּרעבענדאַר'ס שטאָדט אָדער אָרט אין קירך. ז. *prebendary*

preb'endary *n.* (פּרעב'-ען-דע-רי) אַ פּרעבענדאַר [אַ גײַסטליכער װאָס בעקומט אַ געװיסע יעהרליכע הכנסה פֿאַר ערפֿילען אין אַ קירך אָדער קאַטעדראַל געװיסע קירכליכע פֿליכטען].

preb'endaryship *n.* (פּרעב'-ען-דע-רי-שיפּ) דאָס אַמט פֿון אַ פּרעבענדאַר. ז. *prebendary*

preb'endate *v.* (פּרעב'-ען-דײט) מאַכען פֿאַר אַ פּרעבענדאַר; אױפֿהױבען צום ראַנג פֿון אַ פּרעבענדאַר. ז. *prebendary*

preb'endship *n.* (פּרעב'-ענד-שיפּ) ז. *prebendaryship*

preca'rious *a.* (פּרי-קײ'-רי-אַס) אונזיכער, ניט־געװיס, אַבהענגיג [פֿון אײַנעמס װילען]; װאַקעלדיג.

preca'riously *adv.* (פּרי-קײ'-רי-אַס-לי) אױף אַן אונזיכערען, ניט־געװיסען אופֿן; אַבהענגיג [פֿון אײַנעמס גוטסקײט].

preca'riousness *n.* (פּרי-קײ'-רי-אַס-נעס) אונזיכערקײט, אונגעװיסהײט.

preca'rium *n.* (פּרי-קײ'-רי-אַם) אין דער אַלט־רױמישער געזעצגעבונג — אַ הלואה אָדער אַ מתנה, װאָס קען צוריק אַבגענומען װערען, װען דער מלוה אָדער שענקער װיל עס.

prec'ative *a.* (פּרעק'-ע-טיװ) בעטענד; װאָס ענטהאַלט אַ פֿערלאַנג אָדער בקשה.

prec'atory *a.* (פּרעק'-ע-טאָ-רי) װאָס איז שײך צו אַ געבעט; אין דער פֿאָרם פֿון אַ בקשה.

precausa'tion *n.* (פּרי-קאָה-זײ'-שאַן) ז. *foreordination*

precau'tion *n. and v.* (פּרי-קאָה'-שאַן) פֿאָרזיכט; פֿאָרזיכטיגקײט; װאָרנונג; דאָס בעװאָרענען אָדער פֿערהיטען; אַ מיטעל צו בעװאָרענען אָדער פֿערהיטען; װאָרענען, מזהיר זײַן.

precau'tional *a.* (פּרי-קאָה'-שאַן-על) ז. *precautionary*

precau'tionary *a.* (פּרי-קאָה'-שאַן-ע-רי) װאָרנענדיג; װאָס דיענט אַלס פֿערהיטונג געגען עפּעס.

precau'tious *a.* (פּרי-קאָה'-שאַס) פֿאָרזיכטיג.

precau'tiously *adv.* (פּרי-קאָה'-שאַס-לי) אױף אַ פֿאָרזיכטיגען אופֿן; מיט פֿאָרזיכטיגקײט; בעװאָרענדיג אָדער פֿערהיטענדיג אין פֿאָרױס.

precede' *v.* (פּרי-סיעד') געהן פֿאָרױס, זײַן פֿריהער, שטעהן פֿון פֿאָרענט; זײַן העכער אין טיטול אָדער ראַנג; געשעהן פֿריהער; שטעלען עפּעס אין פֿאָרענט, מאַכען אַ הקדמה צו עפּעס.

prece'dence *n.* (פּרי-סיע'-דענס) דאָס געהן פֿאָרױס; דאָס זײַן העכער אין טיטול אָדער ראַנג; דאָס רעכט צו שטעהן אָדער אַרױסצוטרעטען פֿריהער פֿון אַנדערע אין געװיסע צערעמאָניען; דער פֿאָרראַנג, דער פֿאָרטריט, דער פֿאָרצוג; דאָס װאָס איז געשעהן פֿריהער.

prece'dency *n.* (פּרי-סיע'-דענ-סי) ז. *precedence*

prece'dent *a.* (פּרי-סיע'-דענט) פֿריהערדיג; פֿאָרױסגעהענד.

prec'edent *n.* (פּרעס'-אי-דענט) אַ פּרעצעדענט, אַ געװעזענער פֿאַל, װאָס דיענט אַלס מוסטער פֿאַר אַנדערע נײַע פֿעלע; אַ געריכטליכע ענטשײדונג, װאָס קען דיענען אַלס אַ כלל אין װײַטעריגע אַזעלכע געריכטליכע פֿעלע.

prece'dent condi'tion (פּרי-סיע'-דענט קאָנ-דיש'-אַן) אין געזעצגעבונג — אַ תנאי, אַז אַ געװיסע זאַך מוז פֿריהער אױסגעפֿיהרט װערען אום אַ געװיסער געזעצליכער אַקט זאָל אַרײַנגעהן אין מאַכט.

prec'edented *a.* (פּרעס'-אי-דען-טעד) װאָס איז בערעכטיגט אָדער בעשטעטיגט דורך אַ פּרעצעדענט אָדער געװענליכען פֿאַל; לױט דעם פֿאָרױס־אײַנגעפֿיהרטען מנהג.

prece'dently *adv.* (פּרי-סיע'-דענט-לי) קומענדיג פֿאָרױס אָדער פֿון פֿריהער.

precen'tor *n.* (פּרי-סענ'-טאַר) דער רעגענט פֿון אַ כאָר אין אַ קירך.

precen'torship *n.* (פּרי-סענ'-טאַר-שיפּ) דאָס אַמט פֿון רעגענט פֿון אַ קירכען־כאָר.

pre'cept *n.* (פּרי'-סעפּט) אַ פֿאָרשריפֿט, אַ לעהרע, אַ מצוה, אַ כלל, אַ רעגעל; אַ שריפֿטליכער בעפֿעהל פֿון אַ געריכט אָדער ריכטער.

precep'tive *a.* (פּרי-סעפּ'-טיװ) דירעקטיװ, בעלעהרענד.

precep'tor *n.* (פּרי-סעפּ'-טאַר) אַ לעהרער, אַן ערציהער.

precepto'rial *a.* (פּרי-סעפּ-טאָ'-רי-על) װאָס איז שײך צו אַ לעהרער אָדער ערציהער.

precep'torship *n.* (פּרי-סעפּ'-טאַר-שיפּ) לעהרערשאַפֿט.

precep'tory *n.* (פּרי-סעפּ'-טאָ-רי) אַ רעליגיעזע ערציהונגס־אַנשטאַלט.

precep'tress *n.* (פּרי-סעפּ'-טרעס) אַן ערציהערין, אַ לעהרערין.

preces'sion *n.* (פּרי-סעש'-אַן) דאָס געהן פֿאָרױס פֿאַר אַנדערע מענשען אָדער זאַכען; אין פֿילאָלאָגיע — די אַבשװאַכונג פֿון אַ װאָקאַל אין אַ װאָרט צוליעב דער אומבעטאָנונג פֿון אַקצענט.

preces'sional *a.* (פּרי-סעש'-אַנ-על) װאָס געהט פֿריהער, פֿאָרױס.

prechris'tian *a.* (פּרי-קריס'-טשען) װאָס איז שײך צו די צײַטען אײדער עס איז ענטשטאַנען דאָס קריסטענטום.

prechristian'ic *a.* (פּרי-קריס-טשי-ענ'-איק) ז. *prechristian*

pre'cinct *n.* (פּרי'-סינקט) אַ גרענעץ־ליניע; אַן אַבגעגרענעצטער פּלאַץ; אַן אַבגעצאַמטער פּלאַץ; אַ בעצירק; אַ דיסטריקט, אַ שטאָדט־בעצירק.

precios'ity *n.* (פּרעש-אי-אָס'-אי-טי) איבערטריבענע עלעגאַנץ אָדער פֿערפֿײַנערטקײט.

pre'cious *a. and adv.* (פּרעש'-אַס) קאָסטבאַר, טײַער, װערטהפֿול; פֿאָרטרעפֿליך, זעהר שעהן [אין איראָנישער אױסדרוק װעגען אַ נישט־װירדיגער זאַך אָדער פּערזאָן]; גרױס, ריעזיג; איבערקלײַבעריש; װעמען עס איז שװער צו בעפֿריעדיגען; זעהר, אונגעהײער.

pre'ciously *adv.* (פּרעש'-אַס-לי) אױף אַ קאָסטבאַרען, טײַערען אָדער װערטהפֿולען שטײגער; מעשה פֿײַנער יונג [איראָניש]; צופֿיעל, אונגעהײער; זעהר איבערקלײַבעריש.

pre'cious met'als (פּרעש'-אַס מעט'-עלז) טײַערע מעטאַלען [גאָלד, זילבער].

pre'ciousness *n.* (פּרעש'-אַס-נעס) קאָסטבאַרקײט, טײַערקײט; דאָס זײַן איבערקלײַבעריש.

pre'cious soon (פּרעש'-אַס סוּהן) באַלד, טאַקע די מינוט.

pre'cious stones (פּרעש'-אַס סטאָונז) טײַערע שטײנער, עדעלשטײנער [װי דימענטען, בריליאַנטען א. ד. ג.].

prec'ipe *n.* (פּרעס'-אי-פּי) ז. *præcipe*

prec'ipice *n.* (פּרעס'-אי-פּיס) אַ סטײַלער, אַ משופּע'דיגער אָדער זעהר קרוטער באַרג־אַראָב; דער ברעג אָדער ראַנד פֿון אַ סטײַלען, שאַרף־משופּע'דיגען פֿעלז; אַן אַבגרונד, אַן אַבהאַנג; אַ געפֿאַהר, אַ סכנה; אַ געפֿעהרליכער אָרט.

precip'ient *a.* (פּרי סיפּ'-אי-ענט) ריכטענד, אַנפֿיהרענד.

precipitabil'ity *n.* (פּרי-סיפּ-אי-טע-ביל'-אי-טי) די אײַגענשאַפֿט, װאָס געװיסע סובסטאַנצען האָבען, זיך אַבצוזעצען אין אַ פֿליסיגקײט.

precip'itable *a.* (פּרי-סיפּ'-אי-טעבל) אין כעמיע — װאָס קען זיך אַבזעצען [אין אַ פֿליסיגקײט].

precip'itance *n.* (פּרי-סיפּ'-אי-טענס) אימפּעט, האַסט; איבעראײַלונג.

precip'itancy *n.* (פּרי-סיפּ'-אי-טענ-סי) ז. *precipitance*

precip'itant *a. and n.* (פּרי-סיפּ'-אי-טענט) האַסטיג, מיט אימפּעט; אונערװאַרטעט, היציג; ניט איבערלעגט; פֿאַלענד

שנעל אראב; אין כעמיע — א פאקטאר אדער א ווירקענדעס מיטעל וואס מען גיט צו צו א פליסיגקייט, אום דער שטאף, וואס איז אין איהר פאנאנדערגעלאזען, זאל זיך אבזעצען אויף'ן דעק פון דער כלי.

precip'itantly *adv.* (פרי-סיפ'-אי-טענט-לי) מיט אימפעט, האסטיג; אונערווארטעט; היציג, ניט-בעטראכט, ניט איבערלעגט.

precip'itate *v., a. and n.* (פרי-סיפ'-אי-טייט) אראבשליידערען; אראבווארפען; ווירקען אז א שטאף, וואס איז פאנאנדערגעלאזען אין א פליסיגקייט, זאל זיך אבזעצען אויף'ן דעק פון דער כלי; טרייבען שנעל; איילען, מאכען גיך; טהאן עפעס אין איילעניש, איבערפיהרען, פערדארבען; אראבפאלען; זיין אין אימפעט, טהאן עפעס אונבעטראכט; אראבשליידערענד; אראבפאלענד; האסטיג, אונבעזאנען, ניט איבערלעגט; דער אבזאץ; דאס וואס זעצט זיך אב אין א פליסיגקייט.

precip'itately *adv.* (פרי-סיפ'-אי-טייט-לי) אויף א האסטיגען אדער אונבעזאנענעם שטייגער; מיט גרוים אימפעט.

precip'itateness *n.* (פרי-סיפ'-אי-טייט-נעס) האסטיגקייט, אימפעט; ניט-בעטראכטקייט.

precipita'tion *n.* (פרי-סיפ-אי-טיי'-שאן) דאס אראבשליידערען; דאס פאלען אראב פון א גרויסער הויך; האסט, אימפעט; דאס אבזעצען זיך אויף'ן דעק פון א כלי [וועגען אויפגעלעזטע שטאפען אין א פליסיגקייט].

precip'itator *n.* (פרי-סיפ'-אי-טיי-טאר) איינער וואס בריינגט צו א שנעלען סוף; אן אראבשליידערער; דאס כעמישע מיטעל וואס ווירקט אז געוויסע סובסטאנצען זאלען זיך אבזעצען אין דער פליסיגקייט, אין וועלכער זיי זיינען פאנאנדערגעלאזען.

precip'itous *a.* (פרי-סיפ'-אי-טאס) קרוטע, סטייל; שארף משופע'דיג; שנעל אראבפאלענד; האסטיג.

precip'itously *adv.* (פרי-סיפ'-אי-טאס-לי) שנעל אראבפאלענדיג; האסטיג; היציג; מיט אימפעט, הענדום-פענדום.

precip'itousness *n.* (פרי-סיפ'-אי-טאס-נעס) משופע'דיגקייט; גרויסע האסט, אימפעט; ניט-בערעכענטקייט, אונבעזאנענהייט.

précis' *n.* (פריי-סי') א קורץ-געפאסטע ערקלערונג; א קורצער רעזומע פון דעם אינהאלט; דאס רעזומירען, דאס איבערגעבען בקצור דעם אינהאלט.

precise' *a.* (פרי-סאיס') 1. גענוי, פינקטליך, אקוראט; ריכטיג בעשטימט אדער אויסגעדריקט; פונקט ווי די זאך איז; 2. צו פינקטליך; פארמאליסטיש; 3. אין לאגיק — קלאר, דייטליך [וואס ענטהאלט ניט קיין זאך, וועלכע איז ניט צום ענין].
1. The watch does not show the **precise** time. 2. **Precise** diction does not always make a good style.

precise'ly *adv.* (פרי-סאיס'-לי) אויף א פינקטליכען שטייגער; מיט פינקטליכקייט, מיט גענויאיגקייט; אקוראט; זעהר פארמאליסטיש, אבהיטענדיג יעדען פונקט פון א מנהג אדער צערעמאניע.

precise'ness *n.* (פרי-סאיס'-נעס) בעשטימטקייט, גענויאיגקייט; א צו גרויסע פינקטליכקייט; פארמאליטעט.

preci'sian *n. and a.* (פרי-סיזש'-ען) א פארמאליסט, א ריגאריסט [איינער וואס פאלגט גענוי אלע אנגענומענע פארמען און צערעמאניעס אהן שום קריטיק]; א פוריטאנער; פינקטליך; פארמאליסטיש; וואס איז מדקדק כחוט השערה.

preci'sianism *n.* (פרי-סיזש'-ען-איזם) פארמאליזם, ריגאריזם [דאס שטרענגע אבהיטען אלע אנגענומענע פארמען און מנהגים, אהן שום קריטיק].

preci'sianist *n.* (פרי-סיזש'-ען-איסט) א פארמאליסט, א ריגאריסט.
ז. *precisian*

preci'sion *n.* (פרי-סיזש'-אן) גענויאיגקייט, פינקטליכקייט; דאס זיין זעהר אקוראט; אין רעטאריק — קלארקייט און דייטליכקייט פון אויסדרוק; אין לאגיק — דאס אבטיילען יעדען זייטיגען אדער ניט וויכטיגען עלעמענט ביים דעפינירען אדער בעשטימען א זאך.

preci'sionist *n.* (פרי-סיזש'-אן-איסט)
ז. *precisianist*

preci'sionize *v.* (פרי-סיזש'-אן-איז) מאכען אקוראט אדער גענוי; צוגעבען פינקטליכקייט; מאכען א קלארע און גענויע בעהויפטונג.

preci'sive *a.* (פרי-סאי'-סיוו) אבשניידענד, אמפוטירענד, אויסווארצלענד; שטרענג אויסשליסענד די זייטיגע אדער ניט וויכטיגע עלעמענטען [ביים דעפינירען אדער בעשטימען א זאך].

preci'sive abstrac'tion (פרי-סאי'-סיוו עב-סטרעק'-שאן) דאס דענקען וועגען א טייל פון א זאך, ווען אין דער ווירקליכקייט קען דער טייל ניט אבגעטיילט ווערען [ווי למשל, דאס אבטיילען אין געדאנק די פארם פון אינהאלט און דאס דענקען בלויז וועגען דער פארם].

preci'sively *adv.* (פרי-סאי'-סיוו-לי) שארף אבשניידענדיג; בעגרענצענדיג.

preclude' *v.* (פרי-קלוהד') אויסשליסען; ניט דערלאזען; הינדערען, שטערען; מאכען אונטהעטיג אדער אונערפאלגרייך.

preclu'sion *n.* (פרי-קלוה'-זשאן) דאס אויסשליסען, דאס ניט-דערלאזען; די אויסמיידונג; די שטערונג, די הינדערונג.

preclu'sive *a.* (פרי-קלוה'-סיוו) אויסשליסענד; וואס שליסט אויס, וואס מיידט אויס, וואס שטערט.

preclu'sively *adv.* (פרי-קלוה'-סיוו-לי) אויסשליסענדיג, אויסמיידענדיג; שטערענדיג.

preco'cious *a.* (פרי-קאו'-שאס) פריהצייטיג; וואס איז צו-פריה רייף געווארען; אין באטאניק — וואס ערשיינט איידער די בלעטער שפראצען ארויס [וועגען בלומען פון געוויסע פלאנצען].

preco'ciously *adv.* (פרי-קאו'-שאס-לי) פריהצייטיג, פאר דער צייט.

1\. Who was the presenter of the bill?

presen'tial *a.* (פרי-זענ'-שעל) וואס איז פארהאנדען; וואס איז פארגעשטעלט.

presential'ity *n.* (פרי-זען-שי-על'-אי-טי) די אנוועזענהייט, דאס פארהאנדען זיין.

presen'tially *adv.* (פרי-זענ'-שעל-אי) דורך אנוועזענהייט.

presen'tialness *n.* (פרי-זענ'-שעל-נעס) דאס זיין אנוועזענד; אנוועזענהייט.

presen'tient *a.* (פרי-סענ'-שיענט) וואס האט א פארגעפיהל; וואס זעהט פאראויס.

presen'timent *n.* (פרי-סענ'-טי-מענט) א פארגעפיהל [בעזאנדערס פון אן אומ־גליק וואס דארף געשעהן].

presentimen'tal *a.* (פרי-סען-טי-מענ'-טעל) וואס איז שייך צו א פארגעפיהל.

presen'tive *a. and n.* (פרי-זענ'-טיוו) וואס רופט ארויס אן אונמיטעלבארען בע־גריף אדער פארשטעלונג פון עפעס; אין גראמאטיק — א ווארט אדער דער קלאס ווערטער, וועלכע בעצייכנען געוויסע זאכען אדער טהעטיגקייטען אונמיטעלבאר [אין געגענזאץ צו סימבאלישע ווערטער].

presen'tiveness *n.* (פרי-זענ'-טיוו-נעס) די אייגענשאפט אדער פעהיגקייט פון געוויסע ווערטער ארויסצורופען אן אונ־מיטעלבארען בעגריף אדער פארשטעלונג פון געוויסע זאכען אדער טהעטיגקייטען.

pres'ently *adv.* (פרעז'-ענט-לי) גלייך, באלד; שוין; אין דער מינוט.

present'ment *n.* (פרי-זענט'-מענט) דאס פרעזענטירען, דאס פארלעגען; דאס דערלאנגען [א פעטיציע, א קלאגע]; דאס וואס ווערט פארגעשטעלט, ארויסגעצייגט אדער ארויסגעוויזען; אין יוריספרודענץ— אן אנקלאגע אדער בעשולדיגונג וואס גע־ריכטס־געשווארענע גיבען איבער צום פרא־קוראר לויט זייער אייגענער איניציאטיווע; אן אנקלאגע פון א קירכליכער געמיינדע צום בישאף; דאס צושטעלען צום אבצאה־לען [ווי למשל, א וועקסעל].

pres'ent mon'ey (פרעז'-ענט מאנ'-אי) מזומן געלד.

pres'entness *n.* (פרעז'-ענט-נעס) ז. *presence*

presentoir' *n.* (פרעז-ען-טואר') א פרעזענטיר־טעלער, א מין פלאכער טעלער אדער טאץ אויף א געשטעל, אויף וועלכער מען דערלאנגט פרוכטען אדער געבעקס.

Presentoir

pres'ent par'ticiple (פרעז'-ענט פאר'-טי-סיפל) א פארטיציפיום, וואס בעציי־כענט א האנדלונג וועלכע קומט איצט פאר [צ. ב. *going*]. ז. *participle*

pres'ent ques'tion (פרעז'-ענט קוועס'-טשאן) די איצט־דיסקוטירטע פראגע.

present' respects' (פרי-זענט' רי-ספעקטס') לאזען אימעצען גריסען.

pres'ents *n.* (פרעז'-ענטס) אין אפיציע־לע פאפיערען — דער דאקומענט, דאס נעריכטליכע פאפיער; מתנות.

pres'ent tense (פרעז'-ענט טענס) אין גראמאטיק — די געגענווערטיגע צייט.

preservabil'ity *n.* (פרי-זויר-וועּ-ביל'-אי-טי) דאס קענען בעווארענט אדער פערהיט ווערען; דאס קענען קאנזערווירט ווערען.

preser'vable *a.* (פרי-זויר'-וועבל) וואס מען קען קאנזערווירען, פערהיטען, בעשיי־צען אדער איינהאלטען.

preserva'tion *n.* (פרעז-ער-וויי'-שאן) דאס בעשיצען, דאס פערהיטען; דאס קאנ־זערווירען [פרוכטען, פליישען]; דאס

קענען פערהיט ווערען; א פערהיטונגס=מיטעל.

preser'vative *a. and n.* (פרי-זויר'-ווע-טיוו) פערהיטענד; וואס פערהיט, וואס בעשיצט; א מיטעל וואס פערהיט; א בעוואהרונגס=מיטעל.

preser'vatory *a. and n.* (פרי-זויר'-ווע טא-רי) פערהיטענד, בעשיצענד; א פרעזערוואטיוו [אן אפאראט אדער געביידע צו קאנזערווירען פרוכטען, פליישען א. ד. ג.].

preserve' *v. and n.* (פרי-זורוו') 1. איינהיטען, בעשיצען; איינהאלטען; קאנזערווירען; מאכען קאנזערוועז [ווי פון פרוכטען, פליישען א. ד. ג.]; קאנזערוועז, קאנזערווירטע זאכען; 2. אן ארומגעצאמטער פלאץ פאר חיות, וועלכע ווערען אבגעהיט און בעשיצט ביז דעם יאגד=סעזאן.

2. The king's shooting preserves are filled with game.

preser'ver *n.* (פרי-זויר'-ווער) א פערהיטער, א בעשיצער; איינער וואס מאכט קאנזערוועז; איינער וואס פערהיט און בעשיצט חיות אין אן ארומגעצאמטען פלאץ ביז דעם יאגד=סעזאן.

preserves' *n.* (פרי-זורווז') א מין ברילען אדער שפאקולען מיט בלויע אדער רויטע גלעזער צו פערהיטען די אויגען פון א צו=שטארקער שיין.

preside' *v.* (פרי-זאיד') פרעזידירען, זיין דער פארזיצענדער אדער פארשטעהער; שטעהן אן דער שפיצע פון אן אונטערנעהמונג.

pres'idency *n.* (פרעז'-אי-דען-סי) דאס פרעזידירען, דאס זיין א פארזיצענדער; דער פארזיץ, די פרעזידענטשאפט; דאס פרעזידענטען=אמט.

Pres'idency *n.* (פרעז'-אי-דען-סי) דאס אמט פון פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

pres'ident *n.* (פרעז'-אי-דענט) דער פארזיצענדער [פון א פעראיין, ארגאניזאציע]; דער פרעזידענט.

president'al *a.* (פרעז-אי-דענט'-על) פרעזידענטיש; וואס איז שייך צום פרעזידענט אדער פארזיצענדען.

pres'identess *n.* (פרעז'-אי-דענט-עס) א פרעזידענטקע; א פארזיצענדע.

presiden'tial *a.* (פרעז-אי-דען'-שעל) פרעזידענטיש, וואס איז שייך צו פרעזידענטשאפט; וואס איז שייך צו א פרעזידענט.

presiden'tial elec'tors (פרעז-אי-דען'-שעל אי-לעק'-טארז) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — די פערזאנען, וועלכע די בירגער קלייבען אויס זיי זאלען ערוועהלען דעם פרעזידענט און וויצע=פרעזידענט [יעדער שטאאט קלייבט אויס אזוי פיעל וועהלער, וויפיעל ער האט קאנגרעסלייטע און סענאטארען אין קאנגרעס אדער פארלאמענט].

pres'identship *n.* (פרעז'-אי-דענט-שיפ) דאס אמט אדער די שטעלע פון א פרעזידענט; דער משך פון פרעזידענטשאפט.

presi'der *n.* (פרי-זאי'-דער) דער פארזיצענדער.

presid'ial *a.* (פרי-סיד'-אי-על) וואס איז שייך צו א גארניזאן אדער סאלדאטען=בעזעצונג.

presid'iary *a. and n.* (פרי-סיד'-אי-ע-רי) וואס איז שייך צו א גארניזאן אדער סאלדאטען=בעזעצונג; א וואך.

presid'ing el'der (פרי-זאיד'-אינג על'-דער) אין דער מעטאדיסטישער קירך — א גייסטליכער, וועלכער פערטרעט אין געוויסע אנגעלעגענהייטען דעם בישאף.

presid'ing judge (פרי-זאיד'-אינג דזשאדזש) דער פארזיצענדער ריכטער אין א געריכט.

presid'io *n.* (פרי-סיד'-אי-או) דאס ארט וואו עס געפינט זיך א העכערער מיליטערישער בעאמטער; א רעגיערונגס=רעזידענץ; א מיליטערישער פאסט; אן ארט וואו מען פערשיקט פערברעכער.

press *v. and n.* (פרעס) פרעסען, דריקען, קוועטשען; אויסאיבען א דרוק; צווינגען, טרייבען, שטופען; נויטען; ארויפצווינגען; בעשטעהן אויף עפעס; אונטעריאגען; דרינגענד בעטען; זיך שפארען, זיך שטופען; לעגען אויף עפעס ספעציעלע געוויכט, אונטערשטרייכען; צווינגען צו דיענסט [הויפטזעכליך מיליטערישער]; דאס פרעסען, דאס דריקען; דרוק; א געדרענג, א מחנה; א דראנג; א שווערע, דרינגענדע לאגע; א פרעס; א פרעס=מאשין; א דרוק=מאשין; די פרעסע [פעריאדישע אויסגאבען]; א שראנק; א קאסטען; א ביכער=שראנק; א בעפעהל אדער אויפגאבע צו צווינגען מענשען ארייננצוטרעטען אין מיליטער=דיענסט אדער אין דער פלאטע.

press'able *a.* (פרעס'-עבל) וואס קען געפרעסט אדער געדריקט ווערען.

press'-a'gent *n.* (פרעס'-איי'-דזשענט) אן אנגעשטעלטער וואס דארף צושטעלען נייעס פאר די צייטונגען וועגען א טעאטער, אנשטאלט, פערזאן א. ז. וו. און אויף אזא אופן צוציהען צו זיי דעם עולם'ס אויפמערקזאמקייט.

press'-bed *n.* (פרעס'-בעד) א בעט וואס קען זיך צונויפלעגען און זיך פערוואנדלען אין א שראנק אדער קאסטען.

press'-blan'ket *n.* (פרעס'-בלענ'-קעט) פלאנעל, געוואנד אדער פילץ געברויכט אויף א דרוק=פרעס.

press'-blocks *n.* (פרעס'-בלאקס) שטיקער האלץ וואס פילען אויס די לעדיגע פלעצער אין א דרוקער=פרעס אדער בוכבינדער=פרעס.

press'-boards *n.* (פרעס'-באורדז) די לייסטלעך אדער ברעטלעך אין א דרוק=מאשין צווישען וועלכע עס האלטען זיך צוזאמען די דרוק=בויגענס.

press'-boy *n.* (פרעס'-באי) אן ארויסהעלפער ביי א דרוק=מאשין.

pressed for mon'ey (פרעסט פאר מאנ'-אי) געענגט אין געלד.

pressed for time (פרעסט פאר טאים) געענגט אין צייט.

press'er *n.* (פרעס'-ער) איינער אדער עטוואס וואס דריקט, פרעסט אדער פלעט; א קעלטערער, א זאפט=פרעסער; א פרעסער, א ביגלער; איינער וואס ארבייט ביי א פרעס; אין טעפעריי — איינער וואס מאכט די הענטלעך, אויערלעך און די דעקאראציאנען פאר די געשיר; דאס פיסעל פון א נעה=מאשין וואס דריקט צו דאס צייג ביים נעהען; א מין ביגעל=מאשין; איינער וואס צווינגט ארויף אדער רעדט איין.

press'er-foot *n.* (פרעס'-ער-פוט) דאס פיסעל פון א נעה=מאשין וואס דריקט צו דאס צייג ביים נעהען.

press'-gang *n.* (פרעס'-גענג) א מיליטערישע אבטיילונג וואס צווינגט מענשען צו ווערען מאטראזען אדער סאלדאטען.

press'ing *n. and a.* (פרעס'-אינג) דאס פרעסען; דרוק; דריקונג; דאס אויסגעפרעסטע [ווי אויל, זאפט א. ז. וו.]; דרינגענד, וואס קען ניט אבגעלעגט ווערען.

press'ing-bag *n.* (פרעס'-אינג-בעג) א זעקעל אין וועלכען מען קוועטשט אויס אויל פון זאמען.

press'ing-board *n.* (פרעס'-אינג-באורד) א ביגעל=ברעט; אזעלכע ברעטלעך אין א גרויסער דרוקער אדער בוכבינדער=פרעס.

press'ing-i'ron *n.* (פרעס'-אינג-אי'-ערן) א פרעסעל, א פלעט=אייזען, א ביגעל=אייזען.

press'ingly *adv.* (פרעס'-אינג-לי) מיט דרינגליכקייט; אויף א דרינגענדען אופן.

press'ingness *n.* (פרעס'-אינג-נעס) דרינגליכקייט.

press'ing-plate *n.* (פרעס'-אינג-פלייט) אזא ברעט אין אן אויל=פרעס.

press in one's arms (פרעס אין הוואנז ארמז) ארומנעהמען, דריקען צום הארצען.

pres'sion *n.* (פרעש'-אן) ז. *pressure*.

press'man *n.* (פרעס'-מען) א פרעסער, א דרוקער; דער וואס טרעט די וויינטרויבען, א קעלטערער; א צייטונגס=מאן, א רעפארטער; איינער פון א מיליטערישער אבטיילונג, וואס צווינגט מענשען צו ווערען סאלדאטען אדער מאטראזען; איינער וואס איז דורך צוואנג געווארען א סאלדאט אדער מאטראז.

press'-mark *n. and v.* (פרעס'-מארק) א ביבליאטעק=צייכען אויף א בוך [וואס ציינט אן די אבטיילונג, צו וועלכער דאס בוך בעלאנגט, זיין פלאץ א. ז. וו.]; מאכען א ביבליאטעק=צייכען אויף א בוך.

press'-mas'ter *n.* (פרעס'-מעס'-טער) דער הויפט פון א קאמאנדע, וואס צווינגט מענשען ארייננצוטרעטען אין דער ארמעע אדער פלאטע.

press'-mon'ey *n.* (פרעס'-מאנ'-אי) ז. *prest-money*.

press on (פרעס אן) טרייבען ווייטער, שטופען ווייטער, מאכען עס גיכער, בעוועגען זיך פארווערטס, איילען זיך.

press'-pack *v.* (פרעס'-פעק) פאקען מיט דער הילף פון א פרעס.

press'-plate *n.* (פרעס'-פלייט) אזא דינע אייזערנע פלאטע אין א פרעס=מאשין.

press'-proof *n.* (פרעס'-פרוהף) די לעצטע קארעקטור [איידער מען נעהמט זיך דרוקען]; א קארעקטור פון געדרוקטען בויגענס [צו זעהן די פעהלערען פון דער דרוק].

press'-revise' *n.* (פרעס'-רי-וואיז') די לעצטע קארעקטור [איידער מען נעהמט זיך דרוקען].

press'-room *n.* (פרעס'-רוהם) דאס דרוק=צימער אין א דרוקעריי; א פרעס=אבטיילונג אין א פאבריק.

press sail (פרעס סייל) פאנאנדערשפרייטען די זעגלען; זיך יאגען [וועגען א שיף].

press upon' (פרעס א-פאן') זיין צודרינגליך; אטאקירען, בעפאלען.

pres'sural *a.* (פרעש'-יו-רעל) וואס איז שייך צו דרוק=קראפט.

pres'sure *n.* (פרעש'-יור) דאס פרעסען, דאס דריקען, דאס זיין געדריקט אדער געפרעסט; דרוק; צוואנג; דרוק=קראפט; דראנג, דרינגליכקייט; אבדרוק.

pres'sure for mon'ey (פרעש'-יור פאר מאנ'-אי) געלד=נויט, געלד=מאנגעל, געלד=ענגשאפט.

pres'sure-gage *n.* (פרעש'-יור-גיידזש) אן אינסטרומענט צום מעסטען דעם דרוק פון דאמפף אין א דאמפף־מאשין; אן אינסטרומענט צו בעשטימען דעם דרוק פון פולווער־גאז אין א שיס־געוועהר.

pres'sure-note *n.* (פרעש'-יור-נאוט) א נאטע מיט א צייכען וואס בעדייטעט, אז די נאטע דארף גענומען ווערען שטארקער צו ענדע.

pres'sure-reg'ister *n.* (פרעש'-יור-רעדזש'-איס-טער) אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט אויטאמאטיש דעם דרוק פון גאזען און פליסיגקייטען.

pres'sure-spot *n.* (פרעש'-יור-ספאט) א פונקט אויף א קערפער, וואס איז עמפפינדליך צו דרוק.

press'work *n.* (פרעס'-הוואירק) דרוקארבייט.

presta'tion *n.* (פרעס-טיי'-שאן) צאהלונג, אבצאהלונג; אמאל אין ענגלאנד — אן אבצאהלונג אדער שטייער פאר דאס רעכט צו נעהמען האלץ פון וואלד.

pres'ter *n.* (פרעס'-טער) [אפט א גלח געברויכט אלס טיטול פון א לעגענדארישען מיטעלאלטערליכען קעניג און פריסטער יאהאן].

prestez'za *n.* (פרעס-טעט'-סא) אין מוזיק — געשווינדקייט.

prestidigita'tion *n.* (פרעס-טי-דידזש-אי-טיי'-שאן) טאשענשפיעלער־קונסט, קונצענמאכעריי.

prestidig'itator *n.* (פרעס-טי-דידזש'-אי-טיי-טאר) א פאקוסניק, א קונצענמאכער.

prestige' *n.* (פרעס-טידזש') א פרעסטיזש, א גוטע רעפוטאציע, א גוטער נאמען; אנציהונג, ווירקזאמקייט, איינפלוס.
The Turks lost **prestige** in the Balkan war.

prestig'iator *n.* (פרעס-טידזש'-אי-איי-טאר) א קונצענמאכער, א פאקוסניק; א פערבלענדער, א שווינדלער.

pres'timony *n.* (פרעס'-טי-מא-ני) א פאנד צום אויסהאלטען א גייסטליכען, איבער וועלכען עס האט צו זאגען דער וואס האט מנדב געווען.

prestis'simo *adv.* (פרעס-טיס'-אי-מאו) אין מוזיק — זעהר שנעל.

prest'-mon'ey *n.* (פרעסט'-מאנ'-אי) געצאהלט פאר ענגלישע סאלדאטען און מאטראזען.

pres'to *adv.* and *n.* (פרעס'-טאו) שנעל, באלד, אין איילעניש; אין מוזיק— אין שנעלען טעמפא; א מוזיקאלישע זאך געשפיעלט אין א שנעלען טעמפא.

prestric'tion *n.* (פרי-סטריק'-שאן) בלינדקייט, בלינדעניש.

prestud'y *v.* (פרי-סטאד'-אי) שטודירען פון פריהער.

presu'mable *a.* (פרי-זיו'-מעבל) וואס קען אנגענומען ווערען, וואס מען קען משער זיין.

presu'mably *adv.* (פרי-זיו'-מע-בלי) לויט ווי עס ווייזט אויס; לויט ווי מען קען זיך משער זיין.

presume' *v.* (פרי-זיום') אננעהמען, משער זיין; וואגען, אונטערנעהמען; האבען די דרייסטקייט.

presu'medly *adv.* (פרי-זיו'-מעד-לי) לויט ווי עס ווייזט אויס; וואהרשיינליך.

presume' on (פרי-זיום' אן) וואגען אדער ווערען חוצפה'דיג, אננעהמענדיג א געוויסע השערה אדער בויענדיג אויף עפעס.
Do not **presume** on the good nature of your friends.

presu'mer *n.* (פרי-זיו'-מער) איינער וואס וואגט; אן איבערמוטיגער מענש; א העזה'ניק, איינער וואס איז איבערטריבען דרייסט.

presume' upon' (פרי-זיום' א-פאן') ז. *presume on*.

presu'ming *a.* (פרי-זיו'-מינג) שטארק איינגעבילדעט; צופיעל איינגענגלויבט אין זיך; איבערטריבען דרייסט, איבערמוטיג.

presu'mingly *adv.* (פרי-זיו'-מינג-לי) מיט גרויס העזה, מיט איבערטריבענער דרייסטקייט; איבערמוטיג; צופיעל איינגעבילדעט אין זיך.

presump'tion *n.* (פרי-זאמפ'-שאן) א השערה, א שטארקע וואהרשיינליכקייט; דאס מאכען א השערה; איינבילדונג; דאס זיין צופיעל איינגעבילדעט אין זיך; איבערטריבענע דרייסטקייט; א גרונד פאר א השערה.

presump'tive *a.* (פרי-זאמפ'-טיוו) געבויט אויף א השערה אדער אויף א וואהרשיינליכקייט; מעגליך, וואהרשיינליך.

presump'tive ev'idence (פרי-זאמפ'-טיוו עוו'-אי-דענס) וואהרשיינליכקייטס־בעווייז, אזעלכע בעווייזע וועלכע זיינען גענוגענד פארגעבראכט צו ווערען פאר דער יורי [געריכטס-געשווארענע], אז זי זאל קענען ארויסגעבען אן ענטשיידונג; בעווייזע וועלכע זיינען גענוגענד ארויסצוגעבען אויף זייער סמך אן אורטייל, ווען קיין אנדערע געגען־בעווייזע זיינען ניט פארגעבראכט געווארען.

presump'tively *adv.* (פרי-זאמפ'-טיוו-לי) אויף דעם גרונד פון השערות אדער וואהרשיינליכקייטען.

presump'tuous *a.* (פרי-זאמפ'-טשו-אס) איבערמוטיג, שטארק איינגענגלויבט אין זיך; איינגעבילדעט; איבערטריבען דרייסט, העזה'דיג; וואס נעהמט אויף זיך צו פיעל.
It would be **presumptuous** for me to criticise a work of art.

presump'tuously *adv.* (פרי-זאמפ'-טשו-אס-לי) אויף אן איבערמוטיגען אופן; זייענדיג צופיעל איינגענגלויבט אין זיך, נעהמענדיג צופיעל אויף זיך; מיט איבערטריבענער דרייסטקייט.

presump'tuousness *n.* (פרי-זאמפ'-טשו-אס-נעס) איבערמוט, איינבילדונג, א צוגרויסע איינגעגלויבטקייט אין זיך; איבערטריבענע דרייסטקייט.

presuppo'sal *n.* (פרי-סא-פאו'-זעל) א פריהערדיגע השערה; א פארויסזעצונג.

presuppose' *v.* (פרי-סא-פאוז') פאראויסזעצען.

presupposi'tion *n.* (פרי-סאפ-א-זיש'-אן) א פארויסזעצונג, א פארויסגעמאכטע השערה.

presupposi'tionless *a.* (פרי-סאפ-א-זיש'-אן-לעס) אהן א פארויסזעצונג.

presurmise' *n.* (פרי-סויר-מאיז') א פריהער געמאכטע השערה; א פארפערראכט.

pretence' *n.* (פרי-טענס') ז. *pretense*.

pretend' *v.* (פרי-טענד') 1. געבען א תירוץ, געפינען אן אויסרייד; אנגעבען אלס ענטשולדיגונג; 2. פרעטענדירען, מאכען אן אנשפרוך, האבען תביעות, ארויסטרעטען מיט א פרעטענזיע אויף עטוואס; 3. מאכען אן אנשטעל; מאכען זיך גלייך ווי...; 4. בעצוועקען.
3. Many ignorant persons **pretend** to be educated.

preten'dant *n.* (פרי-טענ'-דענט) א פרעטענדענט, איינער וואס האט אן אנשפרוך אדער פרעטענזיע אויף עטוואס.

preten'ded *a.* (פרי-טענ'-דעד) כלומר'שדיג; מאכענדיג אן אנשטעל.

preten'dedly *adv.* (פרי-טענ'-דעד-לי) כלומר'שט; אלס תירוץ, אויסרייד אדער אנשטעל; דורך פרעטענזיעס אדער תביעות.

preten'dent *n.* (פרי-טענ'-דענט) ז. *pretendant*.

preten'der *n.* (פרי-טענ'-דער) א פרעטענדירער; איינער וואס גיט זיך ארויס פאר...; איינער וואס מאכט אן אנשטעל; איינער וואס האט תביעות אדער פרעטענזיעס; א פרעטענדענט [איינער וואס האט פרעטענזיעס אויף א קעניגליכען טהראן].

preten'dership *n.* (פרי-טענ'-דער-שיפ) די תביעות אדער פרעטענזיעס פון א פרעטענדענט. ז. *pretender*.

preten'ding *a.* (פרי-טענ'-דינג) וואס פרעטענדירט, וואס האט תביעות אדער פרעטענזיעס; וואס מאכט אן אנשטעל.

preten'dingly *adv.* (פרי-טענ'-דינג-לי) מיט תביעות אדער פרעטענזיעס; מאכענדיג אן אנשטעל.

pretense' *n.* (פרי-טענס') 1. א תירוץ, אן אויסרייד; 2. א פרעטענזיע, א תביעה; 3. אן אנשטעל; א כלומר'שדיגע טענה.
3. Pretense is but a form of vanity.

pretensed' *a.* (פרי-טענסט') ז. *pretended*.

pretense'less *a.* (פרי-טענס'-לעס) אהן פרעטענזיעס, אהן תביעות; אהן אנשטעלען.

preten'sion *n.* (פרי-טענ'-שאן) א פרעטענזיע; א תביעה; א בעהויפטונג; אן אונבערעכטיגטע תביעה אדער טענה; א טענה; אן אנשטעל; דאס ארויסטרעטען מיט פרעטענזיעס אדער מיט תביעות.

preten'tious *a.* (פרי-טענ'-שאס) ניט בעגרינדעט, פאלש; פול מיט פרעטענזיעס; וואס מאכט אן אנשטעל, וואס מאכט פון זיך א פוריע, וואס שטעלט זיך ארויס גרעסער און וויכטיגער ווי ער איז.

preten'tiously *adv.* (פרי-טענ'-שאס-לי) דורך פרעטענזיעס; מאכענדיג אן אנשטעל; מאכענדיג פון זיך א פוריע.

preten'tiousness *n.* (פרי-טענ'-שאס-נעס) דאס זיין פרעטענציעז, דאס האבען פרעטענזיעס אויף גרויסקייט, וויכטיגקייט א. ד. ג.; דאס מאכען אן אנשטעל.

preterhu'man *a.* (פרי-טויר-היו'-מען) מעהר ווי מענשליך, איבערמענשליך.

prete'rient *a.* (פרי-טי'-רי-ענט) וואס קומט פריהער; פארהער, פריהער.

preterimper'fect *n.* (פרי-טויר-אים-פויר'-פעקט) אימפערפעקטום [די פארם פון א צייטווארט, וואס דריקט אויס די ניט אין גאנצען פערגאנגענע צייט].

pret'erist *n.* and *a.* (פרעט'-ע-ריסט) איינער וואס לעבט נור מיט דער פערגאנגענהייט; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — א פרעטעריסט, איינער וואס גלויבט, אז די נביאות פון דער אפאקאליפסע זיינען כמעט אלע אדער גאר אין גאנצען שוין מקוים געווארען; וואס איז שייך צו די פרעטעריסטען אדער צו זייערע אנזיכטען.

pret'erit *a.* and *n.* (פרעט'-ע-ריט) פערגאנגען, אמאליג; אין גראמאטיק — וואס דריקט אויס די פערגאנגענע צייט; דאס אימפערפעקטום, די פערגאנגענע צייט [ווי *wrote* פון *write*].

pret'erite *a.* and *n.* (פרעט'-ע-ריט) ז. *preterit*.

preteri'tion *n.* (פרעט-ע-ריש'-אן) דאס אויסלאזן, דאס איבערהיפּן; דאס אויסלאזן אין א צוואה איינעם פון די יורשים; א רעדע־פארם, וועלכע בעשטעהט אין דעם, וואס דער רעדנער מאכט דעם אנשטעל, אז ער וויל אויסמיידען צו ריידען וועגען אימעצען און דערביי זאגט ער דאך אלץ וואס ער האט געוואלט [צ. ב. איך וויל ניט זאגען, אז ער איז א ליגנער און א גנב, אבער...]; אין דער קאלוויניסטישער טעאלאגיע — די בעהויפּטונג, אז בשעת גאט האט בעשטימט געוויסע מענשען אויסגעלעזט צו ווערען, האט ער אויסגעלאזען אלע איבריגע.

preter'itive *a.* (פּרי-טער'-אי-טיוו) אין גראמאטיק — וואס דריקט אוים די פערגאנגענע צייט; וואס ווערט געברויכט נור אין פערפעקטום אדער אין דער פערגאנגענער צייט [ווענען צייטווערטער].

pret'eritness *n.* (פרעט'-ע-ריט-נעס) פערגאנגענהייט, אמאליגקייט.

pret'erit-pres'ent *a. and n.* (פרעט'-ע-ריט-פרעז'-ענט) אין גראמאטיק — וואס פערבינדט די פערגאנגענע צייט מיט דער געגענוווערטיגער [ווי דאס איז דער פאל ביי געוויסע דייטשע צייטווערטער]; א צייטווארט וואס דריקט אוים אין דער זעלביגער פארם פערגאנגענהייט און געגענווארט.

preterlapsed' *a.* (פרי-טער-לעפסט') אמאליג, פערגאנגען.

pretermis'sion *n.* (פרי-טויר-מיש'-אן) דאס אויסלאזן, דאס איבערהיפּן; דאס ניט דערמאנען; דאס מאכען דעם אנשטעל אין א רעדע עטוואס אדער אימעצען ניט צו דערמאנען. ז. *preterition*.

pretermit' *v.* (פרי-טויר-מיט') איבערהיפּן, אויסלאזן; ניט דערמאנען עפּעס; פערנאכלעסיגען עטוואס צו טהאן; לאזען עטוואס ניט געטהאן.

pretermit'ter *n.* (פרי-טויר-מיט'-ער) איינער וואס לאזט אוים אדער היפּט איבער; איינער וואס פערנאכלעסיגט עטוואס צו טהאן.

preternat'ural *a.* (פרי-טויר-נעטש'-או-רעל) אויסערנאטירליך.

preternat'uralism *n.* (פרי-טויר-נעטש'-או-רעל-איזם) די טענדענץ אדער געוועהנהייט צוצושרייבען אויסערנאטירליכע אייגענשאפטען אדער קרעפטען צו זאכען אדער ערשיינונגען, וועלכע זיינען גאנץ נאטירליך; דאס גלויבען אין אויסערנאטירליכען; אן אויסערנאטירליכע עקזיסטענץ.

preternat'urally *adv.* (פרי-טויר-נעטש'-או-רעל-אי) שלא כדרך הטבע, אויסערנאטירליך.

preternat'uralness *n.* (פרי-טויר-נעטש'-או-רעל-נעם) אויסערנאטירליכקייט; דאס זיין שלא כדרך הטבע.

preternup'tial *a.* (פרי-טויר-נאפּ'-שעל) וואס איז ניט ערלויבט אויסער דער הייראט; אויסגעלאסען.

preterper'fect *a. and n.* (פרי-טויר-פויר'-פעקט) אין גראמאטיק — פערגאנגען, אמאליג; דאס פערפעקטום, די פערגאנגענע צייט.

preterplu'perfect *n. and a.* (פרי-טויר-פלוה'-פויר-פעקט) אין גראמאטיק — דאס פלוסקוואמפערפעקטום [די לאנג־פערגאנגענע צייט, ווי *I had written*]; לאנג פערגאנגען.

preterplural'ity *n.* (פרי-טויר-פלו-רעל'-אי-טי) אן אויסערגעוועהנליך גרויסע צאהל.

pre'text *n.* (פרי'-טעקסט) אן אויסרייד אדער תירוץ; א פּריטשעפּקע; א תירוץ זיך ארויסצודרעהן אדער עטוואס צו בעהאלטען.

The police were looking for a **pretext** to arrest him.

pretex'ture *n.* (פרי-טעקס'-טשור) ז. *pretext*.

prethought'ful *a.* (פרי-טהאהט'-פול) וואס בעטראכט פריהער; בעדאכט, איבערלעגט.

pretib'ial *a.* (פרי-טיב'-אי-על) וואס געפינט זיך פון פארענט אויף דעם אונטערשטען טייל פון פוס.

pre'tium affectio'nis (פרי'-שי-אם ע-פעק-שי-או'-נים) דער ווערטה וואס ווערט געשטעלט אויף א געגענשטאנד דורך דעם אייגענטימער, ניט קוקענדיג אויף דעם ווירקליכען מארק־ווערטה אדער פערקויפס־ווערטה.

pre'tor *n.* (פרי'-טאר) [א פרעטאר א טיטול אין אלטען רוים. פריהער זיינען די פרעטארען געווען די קאנסולען, אלס ארמעע־פיהרער; שפּעטער־צו פלעגען צו צוויי פרעטארען מיטפאהרען מיט די קאנסולען אלס ריכטער און משפּט'ען די רוימער און פרעמדע. אפט זיינען זיי געווארען גובערנאטארען איבער גאנצע פראווינצען]; א מאגיסטראט, א בירגערמייסטער.

preto'rial *a.* (פרי-טאו'-רי-על) פרעטאריאניש, ריכטערליך, ווי א פרעטאר. ז. *pretor*.

preto'rian *a. and n.* (פרי-טאו'-רי-ען) פרעטאריאניש, ריכטערליך; ווי א פרעטאר; וואס האט געהערט צו דער לייב־וואך פון א רוימישען קייזער; א פרעטאריאנער [איינער פון דער קייזערליכער לייב־וואך אין אלטען רוים].

preto'rium *n.* (פרי-טאו'-רי-אם) דער טייל פון אן אלט־רוימישען לאגער וואו דעם גענעראל'ס געצעלט איז געשטאנען; די אמטליכע וואהנונג פון א גובערנאטאר אין אלטען רוים; א געריכטס־הויז; א פאלאץ.

pre'torship *n.* (פרי'-טאר-שיפּ) דאס אמט פון א פרעטאר. ז. *pretor*.

pret'tify *v.* (פריט'-אי-פאי) מאכען שעהן; מאכען נעט; פערשעהנערען, פערציערען.

pret'tily *adv.* (פריט'-אי-לי) אויף א שעהנעם אדער נעטען אופן; מיט געשמאק; גראציעז.

pret'tiness *n.* (פריט'-אי-נעם) היבשקייט, שעהנקייט; עלעגאנטקייט; נעטקייט; חנ'עוודיגקייט; אנגענעהמקייט, גראציעזקייט; א שעהנהייט; א שעהנע זאך אדער פערזאן; געקינסטעלטקייט.

pret'ty *a. and adv.* (פריט'-אי) היבש, שעהן, נעט, פיין; אויסגעצייכענט; עלעגאנט, גראציעז, חנ'עוודיג; אנגענעהם; צימליך, ניש־קשה'דיג, בעדייטענד, גאנץ.

pret'tyism *n.* (פריט'-אי-איזם) געקינסטעלטקייט [אין מאניערען, סטיל א. ד. ג.].

pret'ty much (פריט'-אי מאטש) גאנץ בעדייטענד, גאנץ נאהנט, כמעט.

pret'typretty *n.* (פריט'-אי-פריט-אי) א שפּיעלצייג, א קלייניגקייט.

pretyp'ify *v.* (פרי-טיפּ'-אי-פאי) פארויסזאגען, פארויסזעהן; פארשטעלען אין פארויס.

pret'zel *n.* (פרעט'-סעל) א פרעצעל, אזא געפלאכטענער טרוקען־געבאקענער ביינגעל בעשאטען מיט זאלץ.

prevail' *v.* (פרי-וויל') 1. האבען די אויבערהאנד, האבען די איבערמאכט; בעהערשען; מנצח זיין, טריאומפירען; מצליח זיין, האבען ערפאלג; 2. ווירקען, האבען א ווירקונג אדער אן איינפלוס; 3. זיין פערשפּרייט.

1. The Democratic Party **prevailed** in the last election. 2. We **prevailed** upon her to stay with us. 3. The **prevailing** sentiment in the West is more democratic than in the East.

prevai'ling *a.* (פרי-וויי'-לינג) 1. הערשענד, איבערוועגענד; וואס האט א גרעסערע ווירקונג אדער איינפלוס; 2. שטארק פערשפּרייט, אלגעמיין אנגענומען.

2. Few are bold enough to oppose the **prevailing** opinions.

prevai'lingly *adv.* (פרי-וויי'-לינג-לי) מיט איבערמאכט; האבענדיג די אויבערהאנד; מיט א גרעסערער ווירקונג אדער איינפלוס; אלגעמיין, געוועהנליך, מעהרסטענטייל.

prevail' on (פרי-וויל' אן) ווירקען, איבערצייגען איינעם, בעוועגען צו טהאן.

He has **prevailed on** me to stay at his house.

prevail' with (פרי-וויל' הוויטה) ווירקען, האבען א ווירקונג; איבערצייגען, בעוועגען [צו טהאן].

Gold and silver cannot **prevail with** him.

prev'alence *n.* (פרעוו'-ע-לענס) איבערמאכט; איבערגעוויכט; דאס האבען די אויבערהאנד [אין שטארקייט, איינפלוס, ווירקזאמקייט א. ד. ג.]; דאס זיין שטארק פערשפּרייט אדער אלגעמיין אנגענומען.

prev'alency *n.* (פרעוו'-ע-לענ-סי) ז. *prevalence*.

prev'alent *a.* (פרעוו'-ע-לענט) 1. הערשענד; איבערוועגענד, האבענדיג די איבערמאכט אדער די אויבערהאנד; 2. ווירקזאם; וואס האט א ווירקונג אדער אן איינפלוס; 3. שטארק פערשפּרייט; אלגעמיין אנגענומען.

3. Smallpox is now **prevalent** in our town.

prev'alently *adv.* (פרעוו'-ע-לענט-לי) ז. *prevailingly*.

prevar'icate *v.* (פרי-וועהר'-אי-קייט) זיך ארויסדרעהען פון אמת; זיך ארויסדרעהען צו האנדלען עהרליך אדער ריכטיג; אויסווייכען אדער אויסמיידען צו זאגען דעם אמת; ריידען מיט'ן האלבען מויל.

prevarica'tion *n.* (פרי-וועהר-אי-קיי'-שאן) דאס ארויסדרעהען זיך פון אמת; דאס אויסווייכען אדער אויסמיידען צו זאגען דעם אמת; דאס ארויסדרעהען זיך פון האנדלען עהרליך אדער ריכטיג; דאס ניט טריי זיין צו פליכטען.

prevar'icator *n.* (פרי-וועהר'-אי-קיי-טאר) איינער וואס דרעהט זיך ארוים פון אמת; איינער וואס פערדרעהט דעם אמת; איינער וואס איז ניט טריי צו זיינע פליכטען.

prevene' *v.* (פרי-וויין') קומען אדער געהן פריהער; שטערען, הינדערען.

preve'nience *n.* (פרי-ווי'-ניענס) דאס קומען פריהער, דאס פערכאפּען פריהער.

preve'nient *a.* (פרי-ווי'-ניענט) וואס קומט פריהער, וואס פערכאפּט פריהער; וואס שטערט, וואס הינדערט.

prevent' *v.* (פרי-ווענט') שטערען, ניט דערלאזען, הינדערען; פערהיטען; פערמיידען.

preventabil'ity *n.* (פרי-וועג-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פערהיט ווערען, דאס קענען פערהינדערט אדער פערמיעדען ווערען.

preven'table *a.* (פרי-ווענ'-טעבל) וואס

קען בעווארענט אדער פערהיט ווערען;
וואס קען געשטערט, פערמיערען אדער
געהינדערט ווערען.

preven'tative *a. and n.* (פרי-װענ'-
טע-טיוו) ז. *preventive*

preven'ter *n.* (פרי-װענ'-טער) איינער
וואס הינדערט אדער שטערט; איינער
וואס פערהיט אדער דערלאזט ניט; א מי=
טעל צום פערהיטען; א רעזערווע קייט
אדער שטריק אויף א שיף צום אונטער=
שטיצען אן אנדער קייט אדער שטריק,
ווען זיי זיינען צו שטארק אנגעשטרענגט.

preven'tion *n.* (פרי-װענ'-שאן) דאס
שטערען, דאס ניט לאזען; א פערהינדער=
רונג, א מניעה, א שטערעניש; א פער=
היטונג.

preven'tive *a. and n.* (פרי-װענ'-טיוו)
וואס פערהינדערט, וואס דערלאזט ניט;
וואס פערהיט [א קראנקהייט, א שאדען,
אן אונגערעכטיגקייט א. ד. ג.]; א פער=
היטונגס=מיטעל; א פערהינדערונגס=מי=
טעל.

preven'tively *adv.* (פרי-װענ'-טיוו-לי)
אויף א שטערענדען אדער פערהיטענדען
אופן; דורך פערהינדערונג, דורך פערהי=
טונג; אלס מיטעל צו פערהינדערען אדער
צו פערהיטען.

preven'tiveness *n.* (פרי-װענ'-טיוו-
נעס) דאס קענען שטערען אדער פערהינ=
דערען; דאס קענען פערהיטען אדער ניט
דערלאזען.

preven'tive ser'vice (פרי-װענ'-טיוו
סויר'-ווים) די ברעג=וואך, וואס פערהיט
אז מען זאל ניט אריינפיהרען קיין קאנ=
טראבאנדע.

preview' *v.* (פרי-וויו') פארויסזעהן.

pre'vious *a.* (פרי'-ווי-אס) וואס איז
געווען פריהער; פריהערדיג, פארהער, בע=
פאר.

pre'viously *adv.* (פרי'-ווי-אס-לי) פון
פריהער, בעפאר, פארהער.

pre'viously to (פרי'-ווי-אס-לי טו)
איידער; פריהער אלס.

pre'viousness *n.* (פרי'-ווי-אס-נעס)
פריהערדיגקייט.

pre'vious ques'tion (פרי'-ווי-אס
קהוועס'-טשאן) אין פארלאמענטאריזם —
די פראגע אויב א פארשלאג זאל גלייך
אבגעשטימט ווערען אהן ווייטערדיגע דע=
באטען; שלוס דער דעבאטע.

pre'vious to (פרי'-ווי-אס טו) וואס
איז געשעהן פריהער; איידער.

previse' *v.* (פרי-וואיז') פארויסזעהן;
ווארנען אדער מזהיר זיין פון פריהער.

previ'sion *n.* (פרי-וויזש'-אן) דאס
פארויסזעהן, דאס פארויס וויסען.

prewarn' *v.* (פרי-הוואהרן') ווארנען
פון פריהער.

prex *n.* (פרעקס) ז. *prexy*

prex'y *n.* (פרעק'-סי) דער פרעזידענט
פון אן אוניווערזיטעט [אין די פעראיי=
ניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

prey *n. and v.* (פריי) אוועק=
רויב; גערויבטע זאכען; פערצוקונג [דאס וואס
א רויב=טהיער פערצוקט]; דאס וואס איז
אונטערגעפאלען אונטער דער מאכט פון
אן אנדערען; דאס רויבען, דאס ראבע=
ווען; ראבירונג; פערצוקונג; רויבען, רא=
בעווען; פערצוקען; פערניכטען, צושטע=
רען.

prey'er *n.* (פריי'-ער) א רויבער; א
פיינדרעדער: איינער וואס רייבט אדער
פערשלינגט; א פערניכטער, א צושטערער.

prey upon' (פריי א-פאן') 1. לעבען פון
רויב; רויבען; אנפאלען, פרעסען;
2. פערצעהרען, א תל מאכען, צושטערען.
1. Birds **prey upon** insects. 2. The memory of the accident **preys upon** his nerves.

pri'apism *n.* (פראי'-ע-פיזם) דער
פריאפיזמוס [א קראנקהייט, ביי וועלכער
דער געשלעכטליכער ארגאן איז שטענדיג
אויפגערעגט און שטייף].

Pria'pus *n.* (פראי-איי'-פאס) אין דער
אלט=גריכישער מיטאלאגיע — פריאפוס,
דער גאט פון בעפרוכטונג [דיעזער גאט
איז געווען פארגעשטעלט אלס זעהר א
העסליכער מאנספערזאן מיט אן אונגע=
הייער גרויסען געשלעכטס=ארגאן].

prib'ble-prab'ble *n.* (פריב'ל-פראב'ל)
פוסטער שוועץ, נארישע פלוידעריי;
אומזיסטע צאנקעריי.

price *n. and v.* (פראיס) דער פרייז,
דער ווערטה; דער מקח; די בעלוינונג,
דער לוין; די שאצונג; שאצען, אבשא=
צען; פאדערען דעם מקח; אוועקשטעלען
א פרייז.

price'-cur'rent *n.* (פראיס'-קאר'-ענט)
א פרייז=קוראנט [א ליסטע, וואו עס זיי=
נען אנגעגעבען די מארק=פרייזען פון פער=
שיעדענע סחורות].

priced *a.* (פראיסט) מיט
אבגעשאצט; מיט
א בעשטימטען מקח; וואו עס זיינען אנ=
געדייטעט די פרייזען.

price'less *a.* (פראיס'-לעס) אהן שאץ,
ניט אבצושעצען.

The bride received **priceless** wedding presents.

price'lessness *n.* (פראיס'-לעס-נעס)
אונשעצבארקייט; דאס ניט האבען קיין
פרייז.

price'-list *n.* (פראיס'-ליסט)
ז. *price-current*

price'-mark *n.* (פראיס'-מארק) א יאר=
ליק אדער צעטעל, וואס מען קלעפט אן
אויף א סחורה, אנדייטענדיג איהר פרייז.

price of subscrip'tion (פראיס אוו
סאב-סקריפ'-שאן) אבאנימענט=פרייז.

prick *n. and v.* (פריק) א דינער פער=
שפיצטער אינסטרומענט, א שטאכעל; דאס
שטעכען; א שטאך; דער צייכען אדער
שפור פון א שטאך; א פונקט; דער ציעל=
פונקט; דאס ציעל; דער שפור פון די
טריט פון א האז אדער הירש; דאס וואס
בויערט דעם מח; געוויסענסביסע; דער
מענליכער געשלעכטס=ארגאן, דער גיד;
אריינשטעכען, דורכלעכערען מיט א שטא=
כעל; זעצען אויף א שפיציגען פלאקען
[אן אלטע פארם פון טויט=שטראף]; צו=
שטעכען; ארויסקאלופען פון עפעס ווי
מיט א נאדעל; א שטאך טהאן [ווי א
פערד מיט די שפארען]; אנטרייבען;
אויפרעגען צו עפעס; פערשאפען א שטע=
כיגען אדער שארפען וועהטאג; פערשפי=
צען אדער אנשטעלען די אויערען [ווי
ביי א פערד]; פונקטירען, מאכען א
פונקט; צייכנען עפעס מיט פונקטען; נאכ=
געהן נאך די שפורען פון די טריט [פון
א האז אדער הירש]; פיהלען א שטאך;
שנעל לויפען, איילען; זיין אויסגעשטרעקט
ארויף=צו; זויער ווערען.

prick a hare (פריק ע העהר) נאכיא=
גען נאך א האז נאך זיינע פוס=שפורען
איבער'ן שנעע.

prick'-eared *a.* (פריק'-איערד) מיט
אויפגעשפיצטע אויערען; פוריטאניש [א
הימאריסטיישער אויסדרוק].

pricked *a.* (פריקט) בעציערט מיט קליי=
נע קארבען וואס זיינען געמאכט מיט א
שפיציגען ריטעל אדער מיט די שפיצי=
גע צייהנדלעך פון א קאם [וועגען געווי=
סע לייטענע און פארצעלייענע כלים].

prick'er *n.* (פריק'-ער) דאס וואס שטעכט
דורך; א שטעך=אינסטרומענט; אן אהל,
א שוסטער=אהל; א נאדעל; א שטאכעל,
א שפילקע; איינער וואס שטעכט; איי=
נער וואס פלעגט פארצייטענס מאטערען
דורך שטעכען פרויען, וועלכע מען האט
בעשולדיגט, אז זיי זיינען מכשפות; א
רייטער מיט שפארען.

prick'et *n.* (פריק'-עט) א באק אדער
הירש אויף'ן צווייטען יאהר; א לייכטער,
אויף וועלכען מען פלעגט די ליכט ארויפ=
שטעכען.

prick'ing *n.* (פריק'-אינג) דאס שטעכען;
דאס פיהלען א שארפען אדער שטעכיגען
וועהטאג; א האזען=שפור; דאס נאכיאגען
נאך א האז לויט די שפורען פון זיינע
טריט; דאס זויער ווערען.

prick'ing-note *n.* (פריק'-אינג-נאוט)
א דאקומענט פון איינעם וואס שיקט ארויס
סחורות, וועלכער בעפאלמעכטיגט דעם
בריינגער פון דיעזען דאקומענט צו בע=
קומען זיי.

prick'ing-wheel *n.* (פריק'-אינג-
הוויעל) אזא צייהניגעם רעדעל וואס זאט=
לער געברויכען אנצוצייכנען אויף'ן לע=
דער דאס ארט און די צאהל פון די שטעך,
וואס דארפען אין איהם געמאכט ווערען.

prick'le *n. and v.* (פריקל) א שטאכעל,
א דארן; א שפיז, א שפיציגע זאך; א
מין קארב; שטעכען, דורכשטעכען; פער=
אורזאכען א שארפען אדער שטעכיגען
וועהטאג; פונקטירען; מאכען שטעך אדער
פונקטען; זיין שטעכיג.

prick'leback *n.* (פריק'ל-בעק) דער
שטיכלינג, אזא פיש מיט שטאכלען אויף'ן
רוקען. ז. *stickleback*

prickled *a.* (פריקלד) שטאכעלדיג, מיט
שטאכלען.

prick'le-fish *n.* (פריק'ל-פיש)
ז. *prickleback*

prick'liness *n.* (פריק'-לי-נעס) שטא=
כעלדיגקייט, דאס האבען פיעל שטאכלען.

prick'louse *n.* (פריק'-לאוס) א שניידער
[א שפאט=נאמען].

prick'-lugged *a.* (פריק'-לאגד) מיט
אויפגעשפיצטע אויערען.

prick'ly *a.* (פריק'-לי) שטאכעלדיג, פול
מיט שטאכלען אדער דערנער; שטעכיג.

prick'ly-broom *n.* (פריק'-לי-ברוהם)
ז. *furze*

prick'ly-pear *n.* (פריק'-לי-פעהר) די
פרוכט פון א מין קאקטוס=פלאנצע וואס
איז ענליך צו א בארנע און איז בעדעקט
מיט שטאכלען.

Prickly-pear

prick'ly-pear cac'tus (פריק'-לי-פעהר קעק'-טאס) ז. *prickly-pear*.

prick out (פריק אוט) — אין גערטנעריי איבערזעצען ארויסגעשפּראצטע זאמען פון אן אראנזשעריי אין אן אפענעם גארטען.

prick'-post *n.* (פריק'-פאוסט) ז. *queen-post*.

prick'-punch *n.* (פריק'-פאנטש) ז. *center-punch*.

pricks of con'science (פריקס אוו קאנ'-שענס) געוויסענסביסע.

prick'-spur *n.* (פריק'-ספּור) א שפּארע [איינע פון די שפּארען, וועלכע א רייטער טהוט אן אויף די פיס צו שטעכען דאס פערד אום אנצוטרייבען עס].

prick'-the-louse' *n.* (פריק'-טהי-לאוס') ז. *pricklouse*.

prick'-tim'ber *n.* (פריק'-טימ'-בער) ז. *prickwood*.

prick up (פריק אפּ) אויפשטעלען, אויפשפּיצען [די אויערען]; זיך אויפהויבען [וועגען א ווינד]; ארויפלעגען די ערשטע פּלאסטער-שיכטען.

prick up the ears (פריק אפּ טהי איערז) אנשטעלען די אויערען, הערען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

prick'-wheel *n.* (פריק'-הוויעל) א שטופּעל [א רעדעל מיט שפּיציגע צייהנער] וואס ווערט בענוצט אויסצושניידען מוסטערען פון פּאפּיער.

prick'wood *n.* (פריק'-הוואוד) דער שפּינדעל-בוים [א קליין בוימעל אדער קוסטארניק פון מיטעל-אייראפּא מיט א הארטען האלץ וואס ווערט געברויכט אין טאקער-ארבייט].

prick'y *a.* (פריק'-אי) שארף, שטאכעלדיג.

pride *n.* *and* *v.* (פּראיד) שטאלץ, גאוה, הויכמוטה; גדלות; זעלבסטווירדע; דאס, מיט וואס מען קען שטאלצירען: הויכקייט, א הויכע שטעלונג, פּראמינענטקייט; די פּראכט פון יוגענד; פייער, ברענענדע לוסט, היציגקייט, אייפריגקייט [ספּעציעל ביי יונגע חיות]; מיט עטוואס שטאלצירען; זיין שטאלץ; פּאנאנדערשפּרייטען די פעדערען פון עק [וועגען פויגלען].

pride'ful *a.* (פּראיד'-פול) שטאלץ, מיט גאוה; העזה'דיג.

pride'fully *adv.* (פּראיד'-פול-אי) אויף א שטאלצען שטייגער; העזה'דיג.

pride'fulness *n.* (פּראיד'-פול-נעס) דאס זיין פול מיט שטאלץ אדער גאוה.

pride'less *a.* (פּראיד'-לעס) אהן שטאלץ, אהן גאוה.

prid'ian *a.* (פריד'-אי-ען) וואס איז שייך צום נעכטיגען טאג; פון נעכטען.

pri'dingly *adv.* (פּראי'-דינג-לי) שטאלץ, מיט גאוה.

prie-dieu' *n.* (פּרי-דיעי') א קליינער סטענדער מיט א פוס-בענקעלע, אויף וועלכע מען קען זיך שטעלען אויף די קניע [אין א קירך]; א מין היישעריק [ז. *Mantis*].

pri'er *n.* (פּראי'-ער) א בעאבאכטער, א נאכפארשער; א קוקער.

priest *n.* *and* *v.* (פּריסט) א כהן, א פּריסטער, א גייסטליכער; אזא גאטונג אדער זארט פון הויז-טויבען: מאכען פאר א כהן אדער פּריסטער.

priest'craft *n.* (פּריסט'-קרעפט) די אינטריגעס און שווינדעל פון גייסטליכע.

pries'tess *n.* (פּרים'-טעס) א פּריסטערין.

priest'hood *n.* (פּריסט'-הוד) דאס פּריסטער-אמט, די כהונה; דער פּריסטער-קלאס, די גייסטליכקייט.

priest'like *a.* (פּריסט'-לאיק) פּריסטעריש, פּריסטערליך; ווי א פּריסטער אדער גייסטליכער.

priest'liness *n.* (פּריסט'-לי-נעס) פּריסטערליכקייט, דאס אויסזעהן אדער די אויפפיהרונג פון א פּריסטער.

priest'ly *a.* (פּריסט'-לי) פּריסטערליך, גייסטליך, וואס איז שייך צו א פּריסטער אדער גייסטליכען.

priest'rid *a.* (פּריסט'-ריד) ז. *priestridden*.

priest'ridden *a.* (פּריסט'-רידן) וואס ווערט פערוואלטעט אדער אנגעפיהרט פון גייסטליכע; אונטערווארפען אונטער גייסטליכע.

prig *n.* *and* *v.* (פּריג) א שורקע, א פּאר-לעץ; א גנב; א שוטה, א נאר; גנב'ענען; פּוצען זיך, פּראנטעווען.

prig'ger *n.* (פּריג'-ער) א גנב.

prig'gery *n.* (פּריג'-ער-אי) דאס גנב'ענען; גנבות.

prig'gish *a.* (פּריג'-איש) העזה'דיג, נאכאלנע, מיט גדלות; גנב'יש, ווי א גנב.

prig'gishly *adv.* (פּריג'-איש-לי) חוצפה'דיג, העזה'דיג, מיט גדלות.

prig'gishness *n.* (פּריג'-איש-נעס) דאס זיין חוצפה'דיג אדער העזה'דיג.

prig'gism *n.* (פּריג'-איזם) חוצפה, העזה, דאס גדל'ענען זיך; גנב'ישע שטיק; דאס זיין א גנב.

prill *n.* (פּריל) א שטיק ערץ, פון וועלכען עס איז ארויסגענומען געווארען די פּסלת; א בוט אדער פלאנדערקע [אזא ברייטער און פלאטשיגער ים-פיש].

prim *a.*, *n.* *and* *v.* (פּרים) שעהן, ציכטיג, געציערט, געקינסטעלט; דער הארטריגעל [א מין בוימעל. ז. *privet*]; זיך פּוצען, ציערען.

pri'ma *a.* (פּרי'-מא) וואס איז דער ערשטער אדער די ערשטע.

pri'macy *n.* (פּראי'-מע-סי) דאס אמט אדער די ווירדע פון אן אויבער-בישאף; דאס זיין דער ערשטער; דאס שטעהן בראש.

pri'ma don'na (פּרי'-מא דאנ'-א) די פּרימאדאנא, די ערשטע אדער הויפּט-זינגערין אין אפּערע.

pri'ma fa'cie (פּראי'-מא פיי'-שי-אי) אויף'ן ערשטען בליק.

pri'ma fa'cie case (פּראי'-מא פיי'-שי-אי קיים) אין יוריספּרודענץ — אן אנקלאגע וואס האט גענוג גרינדע איבערגעגעבען צו ווערען צו די געריכטס-געשווארענע.

pri'ma fa'cie ev'idence (פּראי'-מא פיי'-שי-אי עוו'-אי-דענס) אין יוריספּרודענץ — א גענוגענדער בעווייז פאר אן אנקלאגע אום זי זאל איבערגעגעבען ווערען צו די געריכטס-געשווארענע.

pri'mage *n.* (פּראי'-מעדזש) א געוויסער פּראצענט פון פראכט-געלד וואס ווערט אבגעגעבען דעם קאפּיטאן פון א האנדעלס-שיף; די קוואנטיטעט פון וואסער וואס ווערט נוצלאז פערשווענדעט אין קעסעל פון א דאמפּף-מאשין [ווי דורך מיטגעשלעפּט ווערען מיט דעם דאמפּף אין ציילינדער א. ז. וו.].

pri'mal *a.* (פּראי'-מעל) ערשט; אורשפּרינגליך; פון די ערשטע; פּרימיטיוו; וואס איז שייך צום מין פלאנצען-חיות [ז. *Primalia*].

Prima'lia *n.* (פּראי-מיי'-לי-א) דער מין פלאנצען-חיות [דער מין בעשעפּעניש, ווי למשל, שוואמען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א צווישען-שטופע צווישען פלאנצען און חיות].

Prima'ria *n.* (פּראי-מיי'-רי-א) ז. *Primates*.

prima'ria *n.* (פּראי-מיי'-רי-א) איינע פון די לאנגע פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל.

pri'marily *adv.* (פּראי'-מע-רי-לי) אנפאנגליך, צוערשט, ראשית.

pri'mariness *n.* (פּראי'-מע-רי-נעס) אנפאנגליכקייט, צוערשטקייט; דאס זיין אורשפּרינגליך אדער פּרימיטיוו.

pri'mary *a.* *and* *n.* (פּראי'-מע-רי) ערשט; אורשפּרינגליך; פארנעהמסט; עלעמענטאר; דער ערשטער, דאס ערשטע, איינער אדער עפּעס וואס שטעהט בראש; איינע פון די לאנגע פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל; איינער פון די פאדער-פליגלען ביי אן אינזעקט; א פערזאמלונג פון בירגער — מיטגליעדער פון איין פּארטיי — צו נאמינירען קאנדידאטען פאר די צוקינפטיגע וואהלען.

pri'mary assem'bly (פּראי'-מע-רי ע-סעמ'-בלי) די אורוועהלער-פערזאמלונג [א פערזאמלונג, אין וועלכער יעדער בירגער קען נעהמען אנטייל, אין געגענזאץ צום פּארלאמענט, וואו עס קומען זיך צונויף נור די ערוועהלטע פערשטעהער פון די בירגער].

pri'mary col'ors (פּראי'-מע-רי קאל'-ארז) אין פיזיק — די גרונד-פארבען פון ספּעקטרום [רויט, בלוי און גרין].

pri'mary educa'tion (פּראי'-מע-רי עד-יו-קיי'-שאן) די עלעמענטאר-בילדונג.

pri'mary elec'tions (פּראי'-מע-רי אי-לעק'-שאנז) די פאר-וואהלען [דאס וועהלען אויף א פערזאמלונג פון בירגער — מיטגליעדער פון איין פּארטיי — די קאנדידאטען, וועלכע זאלען געשטעלט ווערען אויף'ן באלאט אדער שטים-צעטעל].

pri'mary ev'idence (פּראי'-מע-רי עוו'-אי-דענס) אין יוריספּרודענץ — די הויפּט אדער די בעסטע צייגניסע פון עפּעס [ווי אין דער פראגע וועגען דעם אינהאלט פון א געוויסען דאקומענט איז די ערשטע אדער די הויפּט צייגנים דער דאקומענט אליין].

pri'mary quills (פּראי'-מע-רי קהווילז) די לענגסטע פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל.

pri'mary rocks (פּראי'-מע-רי ראקס) די אוראלטע פעלזען [די פעלזען, וועלכע האבען זיך אויסגעבילדעט אין די ערשטע צייטען פון דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ערד].

pri'mary school (פּראי'-מע-רי סקוהל) אן אנפאנגס-שול, עלעמענטאר-שול.

pri'mary symp'toms (פּראי'-מע-רי סימפּ'-טאמז) די ערשטע סימפּטאמען אדער סמנים [ווי פון א קראנקהייט].

pri'mate *n.* (פּראי'-מיט) דער פּרימאס, אן ערצבישאף, אן אויבערבישאף; אין זאאלאגיע — איינער פון די פּרימאטען [ז. *Primates*].

Prima'tes *n.* (פּראי-מיי'-טיז) די פּרימאטען, דער קלאס זויג-טהיערע, ביי וועלכע איינער פון די כאראקטעריסטישע סמנים איז דער בעוועגליכער גראבער פינגער וואס שטעהט אנטקעגען די איבריגע פינגער, וואס דאס גיט זיי די מעגליכקייט אנצונעהמען פעסט זאכען [צו דיעזען

קלאס געהערען מענשען, אפען און לעמורען].

pri'mateship *n.* (פראי'-מייט-שיפ) דאס אמט אדער ווירדע פון א פרימאס אדער ערצבישאף.

prima'tial *a.* (פראי-מיי'-שעל) וואס איז שייך צו די פרימאטען אדער צום העכערען קלאס זויג=טהיערע, צו וועלכען עס בעלאנגען די מענשען, אפען און לעמורען; וואס איז שייך צו א פרימאס אדער ערצבישאף.

primat'ic *a.* (פראי-מעט'-איק) וואס איז שייך צו די פרימאטען. ז. *Primates*.

primat'ical *a.* (פראי-מעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א פרימאס אדער ערצבישאף.

prime *a., n. and v.* (פראים) ערשט; וואס איז דער ערשטער אדער די ערשטע; אורשפרינגליך, פרימיטיוו, אריגינאל; וואס איז דער הויפט, דער וויכטיגסטער אדער בעסטער; אין מאטעמאטיק—וואס איז פרים אדער אנפאנגליך [וועגען א צאהל, וואס קען זיך טיילען אהן א רעשט נור אויף זיך אדער אויף איינס, ווי למשל: 3, 5, 7, 11, 13 א. ז. וו.]; דער אנפאנג, די ערשטע צייט; דער פריהלינג, דער טאגעסאנברוך, דער פריהמארגען; די בליהונגס=צייט פון לעבען, די יוגענד; דער בעסטער טייל פון עפעס, דער קערן, דער עיקר; אין געפעכט — די ערשטע פאזיטורע אדער לאגע פון קערפער ביים פעכטען זיך מיט שווערדען; אין מאטעמאטיק — די פרים=צאהל [א צאהל וואס קען זיך ניט טיילען אויף אנדערע אהן א רעשט]; דער שפור פון די טרים פון א הירש; אין כעמיע — די צאהל, וועלכע דריקט אוים די מישונג=פערהעלטניסע פון צוויי אדער עטליכע כעמישע עלעמענטען; דער צינד=מאטעריאל פון א ביקס אדער הארמאט, צוליעב וועלכען דער פאטראן עקספלאדירט; אריינלעגען אין א ביקס אדער הארמאט צינד=פולווער; אין א דאמפף=מאשין — מיטנעהמען היים וואסער פון קעסעל אין צילינדער [ווי עס טרעפט זיך ביי אן אוננארמאלען צושטאנד פון דער מאשין, ווען צוזאמען מיט'ן דאמפף ווערט אריינגעצויגען אין צילינדער אויף זודיג וואסער]; ביי מאלען א בילד — גרונטעווען, לעגען די ערשטע פארב אויף'ן לייווענד; צופערטיגען, צוגרייטען.

prime and load (פראים ענד לאוד) זיין גרייט צו מלחמה.

prime condi'tion (פראים קאנ-דיש'-אן) דער בעסטער צושטאנד.

prime cost (פראים קאהסט) קאסט=פרייז, איינקויפס=פרייז, דער קרן.

primed *a.* (פראימד) שכור.

prime'ly *adv.* (פראימ'-לי) פארטרעפליך; אויסגעצייכענט.

prime min'ister (פראים מינ'-איס-טער) דער פרעמיער=מיניסטער [דער הויפט פון מיניסטארען=קאבינעט].

prime'ness *n.* (פראימ'-נעס) די בכורה, בכורה'שאפט, דער פארצוג.

prime of life (פראים אוו לאיף) די בליהונגס=צייט פון לעבען, די צייט פון העכסטער טהעטיגקייט.

At forty a man may still be in the prime of life.

prime of the moon (פראים אוו טהי מוהן) נייעחרש, נייעמאנד [די ערשטע וואך פון חדש].

pri'mer *n.* (פראי' מער) א פארריכטינג אין א ביקס, הארמאט אדער אין א מינע, דורך וועלכער דאס אויפרייסונגס=מאטעריאל עקספלאדירט.

prim'er *n.* (פרימ'-ער) אן אנפאנגס=בוך פאר קינדער, אן אלף=בית; א געבעט=בוך [ביי די קאטויליקען]; פרימער [א מין דרוק=שריפט].

prime'ro *n.* (פרי-מי'-ראו) פרימא=שפיעל [אן אלטפרענקישעס קארטען=שפיעל].

prime'val *a.* (פראי-מי'-וועל) ערשט, אורשפרינגליך, פון די ערשטע דורות; פרימיטיוו.

prime'val for'est (פראי-מי'-וועל פאר'-עסט) אן אור=וואלד, א וואלד פון די אוראלטע צייטען, א וואלד וואס איז נאך קיין מאל ניט געהאקט געווארען.

prime'vally *adv.* (פראי-מי'-וועל-אי) אורשפרינגליך; נאך פון די אוראלטע צייטען.

prime'vous *a.* (פראי-מי'-וואס) ז. *primeval*.

primige'nial *a.* (פראי-מי-דזשי'-ני-על) פון דער ערשטער ארויסשטאמונג; צום ערשטען מאל געבארען; וואס איז שייך צו די חיות, וועלכע האבען אנגעהאלטען דעם טיפ אדער די פארם פון מין ווי ער האט אויסגעזעהן ביי זיין ערשטער ארויסשטאמונג.

primige'nious *a.* (פראי-מי-דזשי'-ני-אס) ז. *primigenous*.

primig'enous *a.* (פראי-מידזש'-ע-נאס) אורשפרינגליך, ערשט.

primigrav'ida *n.* (פראי-מי-גרעוו'-אי-דא) א פרוי וואס איז שוואנגער דאס ערשטע מאל.

primin'ary *n.* (פראי-מינ'-ע-רי) ז. *priminery*.

promin'ery *n.* (פראי-מינ'-ע-רי) א פערלעגענהייט; א שווערע לאגע.

pri'ming *n.* (פראי'-מינג) דאס מאטעריאל אדער די פארריכטונג וואס ווירקט אויף'ן פולווער פון א שיס=געוועהר אדער פון א מינע עס זאל עקספלאדירען אדער אויפרייסען; ביי מאלער — די גרונטאוועקע, די ערשטע פארב וואס ווערט געלעגט אויף'ן לייווענד פון א בילד; אין א דאמפף=מאשין — דאס זודיגע וואסער, וואס ווערט אריינגעצויגען צוזאמען מיט'ן דאמפף אין צילינדער פון קעסעל; אריינציהונג פון זודיגען וואסער צוזאמען מיט'ן דאמפף אין צילינדער פון א קעסעל; א קליינינקייט, א גארנישט [אין פערגלייך מיט עפעס אנדערש].

pri'ming-horn *n.* (פראי'-מינג-האהרן) א פולווער=הארן.

pri'ming-i'ron *n.* (פראי'-מינג-אי'-ערן) א פולווער=דראט [א שפיציגער דראט צום אויפיהרען און מאכען עקספלאדירען דאס שיס=פולווער אין א שיס=געוועהר].

pri'ming-pow'der *n.* (פראי'-מינג-פאו'-דער) דאס צינד=פולווער פון א שיס=געוועהר.

pri'ming-var'nish *n.* (פראי'-מינג-ווארנ'-ניש) דער ערשטער לאק, וועלכען מען לעגט אלס גרונט אויף א לייווענד, אויף וועלכען מען מאלט א בילד.

pri'ming-wire *n.* (פראי'-מינג-הוואיר) ז. *priming-iron*.

primip'ara *n.* (פראי-מיפ'-ע-רא) אן ערשטלינג, א פרויענצימער וואס האט דאס ערשטע מאל געהאט א קינד.

primipi'lar *a.* (פראי-מי-פאי'-לאר) וואס איז שייך צום ערשטען צענטוריאן [אטריאד] פון א לעגיאן סאלדאטען [ביי די אלטע רוימער].

primi'tiæ *n.* (פראי-מיש'-אי-אי) די ערשטלינגע אדער בכורים; די ערשטלינגס=פרוכטען; די ערשטע פרוכטען פון דער ערד, וועלכע מען פלעגט אוועקגעבען דער קירך; די פליסיגקייט וואס קומט ארויס פאר דער געבורט פון א קינד.

primi'tial *a.* (פראי-מיש'-על) וואס איז שייך צו די ערשטלינגע אדער בכורים. ז. *primitiæ*.

prim'itive *a. and n.* (פרימ'-אי-טיוו) פרימיטיוו, אורשפרינגליך, פון דעם ערשטען אנפאנג; אלטפרענקיש, פון פארצייטען, איינפאך, אהן קונסט; אין גראמאטיק — ווארצעלהאפט [וועגען אווארט, וואס האט זיך ניט אויסגעבילדעט פון אן אנדער ווארט]; אין ביאלאגיע — רודימענטאר, וואס בעצייכענט דעם אנפאנג אדער דעם ארויסגאנגס=פונקט אין דער ענטוויקלונג פון אן ארגאניזם אדער פון א מין; אין געאלאגיע—פון די ערשטע פארמאציאנען אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד; אין גראמאטיק — א ווארצעל=ווארט [א ווארט וואס האט א זעלבסטשטענדיגע אבשטאמונג און האט זיך ניט אויסגעבילדעט פון אן אנדער ווארט]; אין מאטעמאטיק — א געאמעטרישע אדער אלגעבראאישע פארם, פון וועלכער עס שטאמען אב אדער בילדען זיך אוים אנדערע פארמען.

prim'itive church (פרימ'-אי-טיוו טשוירטש) די אור=קירך [די קירך פון די ערשטע קריסטליכע געמיינדען].

prim'itive col'ors (פרימ'-אי-טיוו קאל'-ארז) די גרונד=פארבען [רויט, בלוי און גריז, פון וועלכע עס ווערען צונויפגעשטעלט די אלע מעגליכע פארבען].

prim'itive fa'thers (פרימ'-אי-טיוו פא'-טהערז) די לעהרער פון קריסטענטום פון די ערשטע דריי יאהרהונדערטע.

prim'itively *adv.* (פרימ'-אי-טיוו-לי) אורשפרינגליך; פון אנהויב אן; אריגינעל; אויף אן אלטפרענקישען שטייגער; ווי אין די אלטע צייטען.

prim'itiveness *n.* (פרימ'-אי-טיוו-נעס) אורשפרינגליכקייט; איינפאכקייט; אלטפרענקישקייט.

prim'itive qual'ity (פרימ'-אי-טיוו קהוואל'-אי-טי) אן אייגענשאפט וואס קען ניט בעטראכט ווערען אלס רעזולטאט פון אן אנדער אייגענשאפט; אן אריגינעלע אייגענשאפט.

prim'itive rocks (פרימ'-אי-טיוו ראקס) די אור=פעלזען [די פעלזען פון די ערשטע עפאכען אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד].

prim'itive word (פרימ'-אי-טיוו הוואירד) אין גראמאטיק — דאס ווארצעל=ווארט [א ווארט, וואס האט זיך ניט אויסגעבילדעט פון אן אנדער ווארט].

primitiv'ity *n.* (פרימ-אי-טיוו'-אי-טי) ז. *primitiveness*.

pirm'ly *adv.* (פרימ'-לי) אויף אן אויסגעציערטען, אוסגעפוצטען שטייגער; מיט גדלות.

prim'ness *n.* (פרימ'-נעס) געציערטקייט, נעקינסטעלטקייט.

pri'mo *n.* (פרי'-מאו) אין מוזיק — דער ערשטער אדער הויפט=טייל [ווי אין א דועט אדער טריא].

primogen'ital *a.* (פראי-מא-דזשענ'-אי-טעל) ז. *primogenitary*.

primogen'itary *a.* (פראי-מא-דזשענ'-

אי-טע-רי) וואס איז שייך צו די רעכטע פון אַ ערשט-געבאָרענעם אָדער בכור.

primogen'itive *a.* (פּראַי-מאָ-דזשענ'-אי-טיוו) וואס איז שייך צו דער ערשט-געבורט אָדער בכורה.

primogen'itor *n.* (פּראַי-מאָ-דזשענ'-אי-טאָר) אַן אור-פאָטער, אַ שטאַם-פאָטער.

primogen'iture *n.* (פּראַי-מאָ-דזשענ'-אי-טשור) ערשט-געבורט; די בכורה; דאָס ירושה-רעכט פון אַ בכור.

primogen'itureship *n.* (פּראַי-מאָ-דזשענ'-אי-טשור-שיפּ) די לאַגע אָדער דאָס רעכט פון אַ בכור.

primor'dial *a.* and *n.* (פּראַי-מאָהר'-די-על) וואס איז דער ערשטער פון דער רייהע; אורשפּרינגליך, אָנפאַנגליך; דער ערשטער עלעמענט פון עפּעס; דער אָנהויב; די ערשטע סבה.

primordial'ity *n.* (פּראַי-מאָהר-די-על'-אי-טי) דאָס זיין דער ערשטער; דאָס ניט בעקומען זיך פון קיין אַנדער זאַך.

primor'dially *adv.* (פּראַי-מאָהר'-די-על-אי) אורשפּרינגליך; פון אָנהויב אָן; צום ערשטען אָנפאַנג.

primor'dial state (פּראַי-מאָהר'-די-על סטייט) דער אורשטאַנד, דער פּרימיטיווער צושטאַנד.

primor'diate *a.* (פּראַי-מאָהר'-די-אייט) אורשפּרינגליך; וואס עקזיסטירט פון אָנפאַנג אָן.

primp *v.* (פּרימפּ) פּוצען זיך, ציערען זיך.

prim'py *a.* (פּרימ'-פּי) געציערט, שעהן געקליידעט.

prim'rose *n.* and *a.* (פּרימ'-ראָוז) די שליסעל-בלום [אַ מין אייראָפּעאיש גראָז, וואס בליהט פריה אין פריהלינג, מיט געלבע בליהונגען, וועלכע האַלטען זיך אויף זעהר אַ קורצען שטענגעל און שטאַרצען אַרוים פון אַ בינטעל ברייטע בלעטער]; וואס איז שייך צו אַ שליסעל-בלום; ענהליך צום קאָליר פון אַ שליסעל-בלום [בלייך-געלב]; בליהענד; פריהליך, מונטער.

Primrose

prim'rose-col'ored *a.* (פּרימ'-ראָוז-קאָל'-אָרד) פון דעם קאָליר פון אַ שליסעל-בלום; העל-געלב. ז. *primrose*

prim'rosed *a.* (פּרימ'-ראָוזד) בעדעקט אָדער בעציערט מיט שליסעל-בלומען. ז. *primrose*

Prim'rose League (פּרימ'-ראָוז ליגג) אַ קאָנסערוואַטיווער פעראיין אין ענגלאַנד פון די אָנהענגער און פערעהרער פון לאָרד ביקאָנספילד [דער פעראיין האָט געטראָגען דיזען נאָמען, ווייל די "פּרימראָז" אָדער שליסעל-בלום איז געוועזען ביקאָנספילד'ס ליעבלינגס-בלום].

Prim'ula *n.* (פּרימ'-יו-לאַ) אַ מין גראָז-אַרטיגע גראָז-פלאַנצע מיט העל-געלבע בליהונגען און מיט לאַנגליך-ברייטע בלעטער, וועלכע וואַקסען פּאַרוויז אויף די שטענגעלעך.

pri'mus *n.* (פּראַי'-מאַס) דער ערשטער; דער הויפּט; דער העכסטער צווישען אַלע בישאָפען אין דער עפּיסקאָפּאַלער קירך אין שאָטלאַנד.

pri'mus in'ter pa'res (פּראַי'-מאַס אינ'-טער פּיי'-ריז) דער ערשטער צווישען גלייכע [אַ הויפּט אָדער הערשער, וועלכער האַלט זיך ווי אַ גלייכער מיט די אונטערגעאָרדנעטע אָדער אונטערטהאַנען].

prince *n.* and *v.* (פּרינס) אַ פּרינץ; אַ קרוינפּרינץ; אַ פירסט; אַ הערשער, אַ קעניג; דער פאַרנעהמסטער אין זיין פאַך; זיך אויפפיהרען ווי אַ פּרינץ, זיך מאַכען פאַר אַ גרויסען פּריץ.

Prince Al'bert coat (פּרינס על'-בערט קאָוט) אַ פּרינץ-אַלבערט, אַ סטאָן-ראָק, אַ טאַליע-ראָק, אַ סורדוט.

prince con'sort (פּרינס קאָנ'-סאָהרט) דער מאַן פון אַ הערשענדער קעניגין.

prince'dom *n.* (פּרינס'-דאָם) פירסטענטום, פּרינצענטום, פּרינצען-שטאַנד; הערשער-שטאַנד, קעניגליכער שטאַנד; אַ מלאכים-קלאַס [אין דער קריסטליכער טעאָלאָגיע].

prince'hood *n.* (פּרינס'-הוד) דער ראַנג אָדער ווירדע פון אַ פּרינץ, פירסט, הערשער אָדער קעניג.

prince impe'rial (פּרינס אימ-פּי'-רי-על) דער קרוינפּרינץ פון אַן אימפּעריע.

prince'kin *n.* (פּרינס'-קין) אַ פּרינצעל, אַ פירסטעל, אַ הערשערעל, אַ קעניגעל.

prince'less *a.* (פּרינס'-לעס) אָהן אַ פּרינץ, פירסט, הערשער אָדער קעניג.

prince'let *n.* (פּרינס-לעט) ז. *princekin*

prince'like *a.* (פּרינס'-לאַיק) ווי אַ פּרינץ, פּרינצליך, פירסטליך.

prince'liness *n.* (פּרינס'-לי-נעס) פירסטליכקייט, די פירסטליכע בענעהמונג, פירסטליכער אָדער קעניגליכער גלאַנץ.

prince'ling *n.* (פּרינס'-לינג) ז. *princekin*

prince'ly *a.* and *adv.* (פּרינס'-לי) פּרינצליך, פירסטליך, קעניגליך; אויף אַ פירסטליכען אָדער קעניגליכען אופן.

prince of dark'ness (פּרינס אָוו דאַרק'-נעס) דער פירסט פון שאָטען-לאַנד, דער אשמדאי.

Prince of Peace (פּרינס אָוו פּיעס) יעזוס קריסטוס.

prince of the blood (פּרינס אָוו טהי בלאָד) דעם קעניג'ס אַ זוהן, אַ ברודער אָדער אַן אָנקעל.

Prince of the Captiv'ity (פּרינס אָוו טהי קעפּ-טיוו'-אי-טי) דער ראש גלותא [דער טיטול פון דעם הויפּט אָון פערטרעטער פון די אידען אין מעסאָפּאָטאַמיען, נאָך'ן צווייטען חורבן].

prince of the sen'ate (פּרינס אָוו טהי סענ'-אייט) דער סענאַטאָר אין פאַרצייטיגען רוים, וועמעס נאָמען מען פלעגט צום ערשטען פאַרלייענען פון דער ליסטע [געוועהנליך איז ער געווען אַ קאָנסול אָדער צענזאָר].

Prince of Wales (פּרינס אָוו הוועילז) דער טיטול פון דעם ענגלישען טהראָן-פאָלגער אָדער קרוינפּרינץ.

Prince of Wales feath'ers (פּרינס אָוו הוועילז פעטה'-ערז) אַ בינטעל פון דריי שטרוים-פעדערען.

Prince'-of-Wales's'-feath'er *n.* (פּרינס'-אָוו-הוועילז'-פעטה'-ער) ז. *prince's-feather*

prin'ceps *a.* and *n.* (פּרינ'-סעפּס) וואס איז דאָס ערשטע אָדער אָריגינעלע; וואס איז געדרוקט צום ערשטען, וואס בעלאַנגט צו דער ערשטער אויסגאַבע [פון אַ בוך]; אַ הויפּט; דאָס הויפּט, דאָס ערשטע, דאָס אָריגינעלע; אַן ערשטע אויסגאַבע [פון אַ בוך].

prince roy'al (פּרינס ראָי'-על) דער קרוינפּרינץ, דער טהראָן-פאָלגער, דעם קעניג'ס עלטסטער זוהן.

prin'ce's-feath'er *n.* (פּרינ'-סעז-פעטה'-ער) דער פּורפּור-פאַרביגער אַמאַראַנט [אַזאַ שעהנע זייד-אַמעריקאַנישע פלאַנצע מיט קליינע רויטע בלימעלעך].

psy'chics *n.* (סאי׳-קיקס) פסיכאלאגיע [די לעהרע וועגען גייסט]; די לעהרע וועגען די מיסטעריעזע ספיריטיסטישע ערשיינונגען; די לעהרע, אז די גייסטיגע ערשיינונגען זיינען ניט קיין רעזולטאט פון קערפערליכע פונקציאנען.

psy'chism *n.* (סאי׳-קיזם) די לעהרע, אז עס עקזיסטירט אין דער נאטור אזא גאז, וואס בעלעבט אלע בעשעפענישען; דאס זיין פסיכיש אדער גייסטיג.

psy'chist *n.* (סאי׳-קיסט) איינער וואס גלויבט אין די ערשיינונגען וואס פערבינדען די וועלט מיט יענער וועלט און אין דער מעגליכקייט פון די פערשיעדענע ספיריטיסטישע וואונדער.

psychodom'eter *n.* (סאי-קא-דאמ׳-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דויער פון גייסטיגע פראצעסען.

psy"cho-eth'ical *a.* (סאי׳-קאו-עטה׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו איינגעבארענע מאראלישע בעגריפען.

psychog'eny *n.* (סאי-קאדזש׳-ע-ני) די ענטוויקלונג פון דעם גייסט; די לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דעם גייסט.

psychog'ony *n.* (סאי-קאג׳-א-ני) די לעהרע וועגען דער ענטוויקלונג פון דעם גייסט.

psy'chograph *n.* (סאי׳-קא-גרעף) אן

אינסטרומענט געברויכט פון ספּיריטיסטען, מיט דער הילף פון וועלכען די גייסטער גיבען כלומר'שט שריפטליך איבער ענטפערס דורך'ן מעדיום [דעריעניגער דורך וועמען מען האט פערבינדונגען מיט די גייסטער].

psychograph'ic *a.* (סאי-קא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו גייסטער-שריפט. ז. *psychography*

psychog'raphy *n.* (סאי-קאג'-רע-פי) גייסטער-שריפט [געשריבענע ענטפערס, וואס גייסטער גיבען דורך'ן מעדיום, לויט דער בעהויפּטונג פון די ספּיריטיסטען]; בעשרייבונג פון גייסטיגע ערשיינונגען.

psycholog'ic *a.* (סאי-קא-לאדזש'-איק) פּסיכאלאגיש, וואס איז שייך צו פּסיכאלאגיע [זעעלען-לעהרע, די לעהרע וועגען מענשליכען גייסט אדער וועגען די גייסטיגע ערשיינונגען ביי מענשען, ווי דענקען, פיהלען א. ז. וו.].

psycholog'ical *a.* (סאי-קא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *psychologic*

psycholog'ically *adv.* (סאי-קא-לאדזש'-אי-קעל-אי) פּסיכאלאגיש, אין בעצוג צו פּסיכאלאגיע, פון א פּסיכאלאגישען שטאנדפּונקט.

psycholog'ics *n.* (סאי-קא-לאדזש'-איקס) פּסיכאלאגיע [זעעלען-לעהרע, די לעהרע וועגען גייסטיגע ערשיינונגען ביי מענשען, ווי דענקען, פיהלען א. ז. וו.]; מעטאפיזיק [ז. *metaphysics*].

psychol'ogist *n.* (סאי-קאל'-א-דזשיסט) א פּסיכאלאג, א קענער פון פּסיכאלאגיע, א קענער פון דער מענשליכער נשמה.

psychol'ogize *v.* (סאי-קאל'-א-דזשאיז) פּסיכאלאגיש אויספארשען; היפּנאטיזירען.

psy'chologue *n.* (סאי'-קא-לאג) ז. *psychologist*

psychol'ogy *n.* (סאי-קאל'-א-דזשי) פּסיכאלאגיע [די זעעלען-לעהרע, די לעהרע וועגען די גייסטיגע ערשיינונגען ביים מענשען, ווי דענקען, פיהלען א. ז. וו.].

psychom'achy *n.* (סאי-קאמ'-ע-קי) דער קאמפּף פון דער זעעלע מיט דעם קערפּער.

psy'chomancy *n.* (סאי'-קא-מענ-סי) וואהרזאגעריי דורך פערבינדונג מיט די נשמות פון פערשטארבענע; דער איינפלוס פון איין נשמה אויף א צווייטער.

psychom'etry *n.* (סאי-קאמ'-עט-רי) אן איבערנאטירליכע פעהיגקייט צו טרעפען פערשיעדענע פערבארגענע זאכען דורך אנריהרען [ווי למשל, בעשטימען א קראנקהייט בלויז דורך אנריהרען דאס קראנקע ארט אדער טרעפען איינעמס כאראקטער אנריהרענדיג זיינעם א בריעף אדער בילד]; דאס בעשטימען די צייט וואס עס האלט אן א פּסיכישער פּראצעס.

psychonosol'ogy *n.* (סאי-קא-נא-סאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצין וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער אויספארשונג פון גייסטיגע קראנקהייטען.

psychopan'nychism *n.* (סאי-קא-פּענ'-אי-קיזם) דאס גלויבען, אז נאך א מענשען'ס טויט שלאפט זיין נשמה איין און כאפּט זיך ניט אויף ביז תחית המתים.

psychopar'esis *n.* (סאי-קא-פּער'-ע-סיס) גייסטיגע שוואכקייט.

psy'chopath *n.* (סאי'-קא-פּעטה) א פּסיכאפּאט, א גייסטיג-אוננארמאלער מענש.

psychopath'ic *a. and n.* (סאי-קא-פּעטה'-איק) פּסיכאפּאטיש, גייסטיג-אוננארמאל, קראנקהאפט-עמפּפינדליך; א פּסיכאפּאט, א גייסטיג-אוננארמאלער, א משוגענער.

psychop'athist *n.* (סאי-קאפּ'-ע-טהיסט) א פּסיכאפּאטען-דאקטאר, א פּסיכיאטר, א משוגעים-דאקטאר.

psychop'athy *n.* (סאי-קאפּ'-ע-טהי) פּסיכאפּאטיע, גייסטיגע אוננארמאלקייט; דאס היילען קראנקע דורך גייסטיגער בעאיינפלוסונג.

psychophys'ics *n.* (סאי-קא-פיז'-איקס) פּסיכאפיזיק [די לעהרע וועגען דער שייכות פון פיזישע און גייסטיגע ערשיינונגען].

psychophysiol'ogy *n.* (סאי-קא-פיז-אי-אל'-א-דזשי) ז. *physiological psychology*

psycho'sis *n.* (סאי-קאו'-סיס) דער גייסטיגער צושטאנד; פּסיכאז, א גייסטיגע קראנקהייט.

psychosomat'ic *a.* (סאי-קא-סא-מעט'-איק) וואס איז שייך אי צום גייסט אי צום קערפּער.

psy'chotheism *n.* (סאי'-קא-טהיע-איזם) די לעהרע, אז גאט איז בלויז גייסט.

psychotherapeu'tics *n.* (סאי-קא-טהער-ע-פּיו'-טיקס) די קונסט צו היילען גייסטיגע קראנקהייטען.

psychother'apy *n.* (סאי-קא-טהער'-ע-פּי) ז. *psychotherapeutics*

psychovi'tal *a.* (סאי-קא-וואי'-טעל) וואס איז שייך צום גייסט און צום לעבען.

psychozo'ic *a.* (סאי-קא-זאו'-איק) ז. *psychovital*

psychrom'eter *n.* (סאי-קראמ'-ע-טער) א פּסיכראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די פייכטקייט פון דער לופט].

psychrom'etry *n.* (סאי-קראמ'-עט-רי) פּסיכראמעטריע [דאס בעשטימען די פייכטקייט פון דער לופט מיט דער הילף פון א פּסיכראמעטער]. ז. *psychrometer*

psychropho'bia *n.* (סאי-קרא-פאו'-בי-א) מורא פאר קעלט [הויפּטזעכליך פאר קאלטען וואסער]; שטארקע עמפּפינדליכקייט צו קעלט.

pt. אן אבקירצונג פון *part* אדער פון *pint*

ptar'mic *n.* (טאר'-מיק) א מיטעל צום ניסען.

ptar'migan *n.* (טאר'-מי-גען) די שנעע-הוהן [א מין פויגעל וואס לעבט אין בערגיגע געגענדען און אין די קאלטע לענדער פון דער נארדליכער העלפט פון ערד-קוגעל. אום ווינטער ווערען די פעדערען פון דיעזען פויגעל שנעע-ווייס].



Ptarmigan

ptere *n.* (טיער) א פליגעל-עהנליכער קערפּער-טייל [ביי חיות].

pterid'ium *n.* (טע-ריד'-אי-אם) ז. *samara*

pteridol'ogy *n.* (טער-אי-דאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען פארנען [פּאפּראטניקעס]; אן אבהאנדלונג איבער פארן-פלאנצען. ז. *fern*

pterodac'tyl *n.* (טער-א-דעק'-טיל) אן אמאל-עקזיסטירענדער עקדיש אדער פליהענדער דראכען [ז. *flying-dragon*] עהנליך צו א פלעדערמויז.

Pterodactyl

pterodac'tyle *n.* (טער-א-דעק'-טיל) ז. *pterodactyl*

pterog'raphy *n.* (טע-ראג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון פויגעל-פעדערען.

pte'ron *n.* (טיע'-ראן) ז. *portico*

pter'ope *n.* (טער'-אופּ) דער פליה-פוקס [אזא פלעדערמויז]. ז. *flying-fox*

pter'opod *a. and n.* (טער'-א-פּאד) וואס האט א פליגעל-עהנליכען פוס [וועגען א געוויסען מין מאלוסקען אדער ווייך-טהיערע]; דער פלוס-פיסלער [אזא מאלוסקעל מיט פליגעל-עהנליכע פיס].

pter'opode *n.* (טער'-א-פּאוד) א פליה-פוקס [ז. *flying-fox*]; א פלוס-פיסלער [ז. *pteropod*].

pteropo'dium *n.* (טער-א-פּאו'-די-אם) דער פליגעל-עהנליכער טייל פון דעם פוס פון א פלוס-פיסלער. ז. *pteropod*

pter'ygoid *a. and n.* (טער'-אי-גאיד) פליגעל-עהנליך; אזא מין ביין אין דעם געזיכט.

ptis'an *n.* (טיז'-ען) א לייכטער געטראנק, ווי גערשטען-וואסער אדער בלומען-טהעע; וויינטרויבען-זאפט וואס רינט אליין ארויס אהן אויסצודריקען.

P. T. O. ראשי תבות פון די ווערטער *please turn over* [א בעמערקונג וואס ווערט געמאכט אויף דעם ענד פון א געשריבענעם אדער געדרוקטען בלאט פּאפּיער, אז מען זאל עס איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט צו לעזען דאס ווייטערדיגע].

Ptolema'ic *a.* (טאל-ע-מיי'-איק) פּטאלעמאיש, וואס איז שייך צום עגיפּטיש-גריכישען געאגראף און אסטראנאם פּטאלעמאוס אדער צו זיין אסטראנאמישער סיסטעם; וואס איז שייך צו דעם עגיפּטישען קעניג פּטאלעמאוס אדער צו זיינע נאכפאלגער, וועלכע האבען זיך גערופען מיט דיעזען נאמען [האבען געהערשט אין עגיפּטען פון ענדע דעם 4טען יאהרהונדערט ביז צום ערשטען יאהרהונדערט פאר קריסטוס'ס געבורט].

Ptolema'ic sys'tem (טאל-ע-מיי'-איק סיס'-טעם) דאס פּטאלעמאישע אסטראנאמישע סיסטעם, די אלטע אסטראנאמישע לעהרע פון דעם עגיפּטיש-גריכישען אסטראנאם פּטאלעמאוס [האט געלעבט אן ערך 140 יאהר פאר קריסטוס] וואס בעהויפּטעט, אז די ערד שטעהט אונבעוועגליך, אז זי איז דער מיטעלפּונקט פון אוניווערזום [וועלט-אל] און אז ארום איהר דרעהען זיך די זון און אלע פּלאנעטען.

pto'main *n.* (טאו'-מע-אין) א כעמישער גיפטיגער שטאף, וועלכער ווערט ערהאלטען פון פערפוילטע בעשעפענישען.

pto'maine *n.* (טאו'-מע-אין) ז. *ptomain*

pto'sis *n.* (טאו'-סיס) דאס אראבפאלען פון דעם אויבערשטען אויגען-לעדעל; אונפעהיגקייט אויפצוהויבען דאס אויבערשטע אויגען-לעדעל.

pty'alism *n.* (טאי'-ע-ליזם) שפייעכץ-פלוס [א קראנקהאפטער איבערפלוס פון שפייעכץ].

ptyal'ogogue *n.* (טאי-על'-א-גאג) ז. ***ptysmagogue***

ptys'magogue *n.* (טיס'-מע-גאג) א מיטעל ארויסצורופען שפייעכץ.

pub *n.* (פאב) א גאסט-הויז, אן אכסניה, א שענק.

pub. doc. אן אבקירצונג פון די ווערטער ***public document***

pu'beral *a.* (פיו'-בע-רעל) וואס איז-שייך צו דער ערשטער פעריאדע פון געשלעכטליכער רייפקייט [ווען א מאן אדער פרוי ווערען פעהיג צו האבען קינדער] אדער צו דער צייט, ווען א פלאנצע הויבט אן צו בליהען.

pu'berty *n.* (פיו'-בער-טי) די ערשטע פעריאדע פון געשלעכטליכער רייפקייט [ווען א מאן אדער פרוי ווערען פעהיג צו האבען קינדער]; די צייט, ווען א פלאנצע הויבט אן צו בליהען.

puber'ulent *a.* (פיו-בער'-א-לענט) פוכיג, בעדעקט מיט קוים-מערקבארען פוך.

pu'bes *n.* (פיו'-ביעז) דער טייל פון מענשליכען קערפער וואס ווערט בעדעקט מיט האר אין דער ערשטער פעריאדע פון געשלעכטליכער רייפקייט; די ביינער ארום די געשלעכטס-ארגאנען; הארינקייט פון געשלעכטס-ארגאנען; פוכינקייט פון פלאנצען; שאם-ביינער [ז. ***pubis***].

pubes'cence *n.* (פיו-בעס'-ענס) געשלעכטס-רייפקייט [אין דער ערשטער פעריאדע]; דאס ווערען געשלעכטס-רייף; הארינקייט; פוך אויף פלאנצען.

pubes'cency *n.* (פיו-בעס'-ען-סי) ז. ***pubescence***

pubes'cent *a.* (פיו-בעס'-ענט) וואס ווערט געשלעכטליך-רייף; פוכיג, בעדעקט מיט פוך.

pu'bic *a.* (פיו'-ביק) וואס געהערט צום שאם-ביין. ז. ***pubis***

pu'bis *n.* (פיו'-בים) דער שאם-ביין [דער ביין וואס געפינט זיך איבער דעם געשלעכטס-גליעד].

pub'lic *a. and n.* (פאב'-ליק) פון קהל, וואס געהערט צו קהל; געזעלשאפטליך; עפענטליך; אלגעמיין; וואס בעלאנגט אדער איז שייך צום גאנצען פאלק; וואס איז שייך צום כלל; דאס פובליקום, דער עולם.

pub'lic acts (פאב'-ליק עקטס) געזעצע אין רעגולאציאנען וועגען עפענטליכע, געזעלשאפטליכע אנגעלעגענהייטען [אזעלכע וואס זיינען נוגע דעם כלל].

pub'lic admin'istrator (פאב'-ליק עד-מינ'-אים-טריי-טאר) א רעגיערונגס-בעאמטער וואס האט די אויפזיכט איבער דעם אייגענטום פון דיעניגע וואס זיינען געשטארבען ניט איבערלאזענדיג קיין צואה.

pub'lican *n.* (פאב'-לי-קען) א גאסט-ווירטה, א שענקער; א צאל-בעאמטער; אין פארצייטיגען רוים — אן אטקופשטשיק, איינער וואס האט געהאלטען אין ארענדע פערשיעדענע שטייערען.

publica'tion *n.* (פאב-לי-קיי'-שאן) פובליקאציאן, פערעפענטליכונג, עפענטליכע בעקאנטמאכונג, ארויסגעבונג פון געדרוקטע זאכען [ביכער, זשורנאלען, צייטונגען, מיזיק-שטיקער, לאנד-קארטען א. ז. וו.]; א פובליקאציאן, א געדרוקטע אויסגאבע.

publica'tion price (פאב-לי-קיי'-שאן פראים) דער פערקויפס-פרייז פון א בוך, צייטשריפט א. ז. וו.

pub'lic at large (פאב'-ליק עט לארדזש) דער גרויסער עולם, די מאסע.

pub'lic auc'tion (פאב'-ליק אהק'-שאן) א ליציטאציע, אן אויקציאן, אן עפענטליכער אויספערקויף.

pub'lic bill (פאב'-ליק ביל) א געזעץ-פארשלאג וואס איז נוגע דעם כלל.

pub'lic char'acter (פאב'-ליק קער'-עק-טער) א בעקאנטע פערזענליכקייט, אן עפענטליכע פערזאן.

pub'lic corpora'tion (פאב'-ליק קאהר-פא-ריי'-שאן) אן עפענטליכע אדער קהל'שע קארפאראציאן, ווי א געמיינדע, א שטאדט א. ז. וו. [א קארפאראציאן איז א קערפערשאפט, וואס ווערט אנערקענט אלס יורידישע פערזאן און בעקומט דאס געזעצליכע רעכט אויף א געוויסער טהעטיגקייט אדער אונטערנעהמונג]. ז. ***corporation***

pub'lic cred'it (פאב'-ליק קרעד'-איט) עפענטליכער קרעדיט [דער קרעדיט פון א שטאאט, שטאדט, געמיינדע א. ז. וו.].

pub'lic debt (פאב'-ליק דעט) שטאאטס-שולדען.

pub'lic doc'ument (פאב'-ליק דאק'-יו-מענט) א דרוק-אויסגאבע פון דער רעגיערונג [מיט אינפארמאציאנען, סטאטיסטישע מאטעריאלען א. ז. וו.].

pub'lic domain' (פאב'-ליק דא-מיין'). רעגיערונגס-לאנד, גרונד-אייגענטום וואס בעלאנגט צום שטאאט.

pub'lic en'emy (פאב'-ליק ענ'-ע-מי) איינער געגען וועמען דער שטאאט פיהרט קריעג; א שונא פון דעם כלל; א ים-רויבער.

pub'lic func'tion (פאב'-ליק פאנק'-שאן) אן עפענטליכע אונטערהאלטונג.

The inauguration ball was a most enjoyable **public function.**

pub'lic func'tionary (פאב'-ליק פאנק'-שאנ-ער-אי) אן עפענטליכער בעאמטער, א שטאאטס-בעאמטער.

pub'lic funds (פאב'-ליק פאנדז) שטאאטס-געלד.

pub'lic good (פאב'-ליק גוד) טובת הכלל.

pub'lic-hear'ted *a.* (פאב'-ליק-האר'-טעד) ז. ***public-spirited***

pub'lic hol'iday (פאב'-ליק האל'-אי-דיי) א געזעצליכער יום טוב.

pub'lic house (פאב'-ליק האוס) א גאסט-הויז, אן אכסניה, א האטעל, א שענק; אן עפענטליכעס הויז; א שאנד-הויז, א פראסטיטוציאנס-הויז; א פלאץ, וואו מען קומט צוליעב אונמאראלישע צוועקען, צו שפיעלען קארטען א. ז. וו.

pub'lic inde'cency (פאב'-ליק אינ-דיע'-סענ-סי) אין יוריספרודענץ—עפענטליכע אונאנשטענדיגקייט [אלעם וואס איז געגען דער עפענטליכער מאראל אדער קען זי פערדארבען, ווי למשל: געברויכען עפענטליך אונאנשטענדיגע אויסדריקע, ציינען דעם נאקעטען קערפער, ארויסשטעלען אונאנשטענדיגע בילדער א. ז. וו.].

pub'lic institu'tion (פאב'-ליק אינ-סטי-טיו'-שאן) אן עפענטליכע אנשטאלט [ווי פאר ערציהונג, צדקה א. ז. וו.] לטובת הכלל.

pub'licist *n.* (פאב'-לי-סיסט) איינער וואס שרייבט איבער שטאאטס-רעכטע אדער פעלקער-רעכטע; א פובליציסט [א שרייבער איבער פאליטישע טאגעס-פראגען].

public'ity *n.* (פאב-ליס'-אי-טי) עפענטליכקייט, בעקאנטקייט.

The papers always give a wide **publicity** to any remarks of our mayor.

pub'lic lands (פאב'-ליק לענדז) רעגיערונגס-לאנד [הויפטזעכליך צום אויסטיילען און פערקויף].

pub'lic law (פאב'-ליק לאה) שטאאטס-רעכט, אינטערנאציאנאלעס רעכט.

pub'lic laws (פאב'-ליק לאהז) געזעצע וואס זיינען נוגע דעם גאנצען כלל.

pub'lic li'brary (פאב'-ליק לאי'-ברע-רי) אן עפענטליכע, קהל'שע ביבליאטעק.

pub'licly *adv.* (פאב'-ליק-לי) 1. עפענטליך; 2. מיט אלגעמיינער צושטימונג, אין נאמען פון דעם כלל.

1. It was **publicly** announced that Mr. X. would be the next ambassador to England.

pub'lic man (פאב'-ליק מען) א קהל'שער מענש, א כלל-טהוער.

pub'lic-min'ded *a.* (פאב'-ליק-מאינ'-דעד) ז. ***public-spirited***

pub'lic-min'dedness *n.* (פאב'-ליק-מאינ'-דעד-נעס) ז. ***public siprit***

pub'licness *n.* (פאב'-ליק-נעס) עפענטליכקייט; אלגעמיינהייט [פון בעזיץ], דאס בעלאנגען צו קהל, דאס זיין אלגעמיין.

pub'lic nui'sance (פאב'-ליק ניו'-סענס) 1. אן אונגעזעצליכע טהאט, א שטערונג, א בעלעסטיגונג וואס בעריהרט דעם כלל; 2. איינער וואס בעגעהט אזעלכע טהאטען, מאכט שטערונגען אדער בעלעסטיגט.

1. Speeding on the highways in an automobile is regarded as a **public nuisance** and is punished as such.

pub'lic of'fice (פאב'-ליק אפ'-אים) א רעגיערונגס-אמט.

pub'lic opin'ion (פאב'-ליק א-פינ'-יאן) די עפענטליכע מיינונג.

pub'lic or'ator (פאב'-ליק אר'-ע-טאר) א בעאמטער פון אן ענגלישער אוניווערזיטעט, וואס ערפילט געוויסערמאסען די פליכטען פון א סעקרעטער.

pub'lic pol'icy (פאב'-ליק פאל'-אי-סי) די אינטערעסען פון כלל.

The Sherman anti-trust law declares contracts in restraint of trade against **public policy.**

pub'lic prin'ter (פאב'-ליק פרינ'-טער) דער פערוואלטער פון דער פעדעראלער רעגיערונגס-דרוקעריי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

pub'lic prints (פאב'-ליק פרינטס) פעריאדישע אויסגאבען [צייטונגען, זשורנאלען].

pub'lic prop'erty (פאב'-ליק פראפ'-ער-טי) 1. שטאאטס-בעזיץ, קהל'שעס אייגענטום; 2. עטוואס וואס איז אלגעמיין בעקאנט, וואס איז ניט קיין סוד.

1. In some countries railroads are **public property.** 2. His family troubles are **public property.**

pub'lic pros'ecutor (פאב'-ליק פראס'-אי-קיו-טאר) א פראקוראר.

pub'lic rec'ords (פאב'-ליק רעק'-ארדז) אפיציעלע פראטאקאלען, פערצייכנונגען אדער טאבעלען.

pub'lic rev'enues (פאב'-ליק רעוו'-ע-ניוז) שטאאטס-הכנסות.

pub'lic rights (פאב'-ליק ראיטס) די רעכטע פון דעם שטאאט איבער די בירגער און דאס רעכט פון די בירגער אין שטאאט אדער בנוגע צום שטאאט.

pub'lic sale (פאב'-ליק סייל) ז. ***public auction***

pub'lic school (פאב'-ליק סקוהל) אין

די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — אן עלעמענטאר⸗שול; אין שאטלאנד — א שול אונטער דער אויפזיכט פון א פערוואלטונגס⸗קאמיטעט; אין ענגלאנד — א פריוואט מיטעל⸗שול [אויסגעהאלטען מעהרסטענס פון די רייכע קלאסען].

pub'lic spir'it (פאב'-ליק ספיר'-איט) איבערגעבענהייט צו קהל'שע אינטערעסען; אפפערוויליגקייט לטובת הכלל.

pub'lic-spir'ited *a.* (פאב'-ליק-ספיר'-אי-טעד) פאטריאטיש, איבערגעגעבען צו קהל'שע אינטערעסען, וואס ארבייט לטובת הכלל.

pub'lic-spir'itedly *adv.* (פאב'-ליק-ספיר'-אי-טעד-לי) פאטריאטיש, מיט איבערגעבענהייט אדער אפפערוויליגקייט לטובת הכלל.

pub'lic-spir'itedness *n.* (פאב'-ליק-ספיר'-אי-טעד-נעס) דאס זיין פאטריאטיש, איבערגעבען צו קהל'שע אינטערעסען אדער דאס זיין גענייגט צו אפפערען מיט די אייגענע אינטערעסען לטובת הכלל.

pub'lic stores (פאב'-ליק סטאורז) פאר⸗ראט⸗לאגערן, מאגאזינען מיט די נויטיגע זאכען פאר דעם מיליטער אדער פאר דער פלאטע; רעגיערונגס⸗מאגאזינען, וואוהין מען בריינגט אימפארטירטע סחורות צום אבשאצען [אום צו בעשטימען די איינפיהר⸗שטייערן] אדער וואו מען האלט אימפארטירטע סחורות אלס משכון פאר שטייערן.

pub'lic trust (פאב'-ליק טראסט) א ירושה⸗פאנד לטובת הכלל, פערוואלטעט פון א ספעציעלען קאמיטעט.

pub'lic use (פאב'-ליק יוס) קהל'שער געברויך, געברויך פאר אלגעמיינע קהל'שע צוועקען.

pub'lic works (פאב'-ליק הוואירקס) קהל'שע ארבייטען [ווי אייזענבאהנען, האפענס, קאנאלען א. ז. וו.].

pub'lish *v.* (פאב'-ליש) פערעפענטליכען; אויפדעקען, בריינגען צום שיין, אויסשטעלען, צייגען, בעקאנטמאכען; פערלעגען, דרוקען, ארויסגעבען [צייטונגען, ביכער א. ז. וו.].

pub'lishable *a.* (פאב'-ליש-עבל) וואס קען פערעפענטליכט ווערען; וואס קען ארויסגעגעבען ווערען אדער געדרוקט ווערען [ווי ביכער, צייטונגען א. ז. וו.].

pub'lisher *n.* (פאב'-ליש-ער) אן ארויסגעבער, א פערלעגער [פון ביכער, צייטונגען א. ז. וו.]; איינער וואס פערעפענטליכט אדער מאכט בעקאנט.

pub'lisher's im'print (פאב'-ליש-ערז אימ'-פרינט) דעם פערלעגער'ס נאמען, אדרעס און דער דאטום פון דער פובליקאציאן [מעהרסטענטייל אויף דער פאדער⸗זייט].

pub'lishing *a. and n.* (פאב'-ליש-אינג) בעקאנטמאכענד; ארויסגעבענד [ביכער, צייטונגען א. ז. וו.]; פערעפענטליכונג, ארויסגעבונג.

pub'lishing house (פאב'-ליש-אינג האוס) א פערלאגס⸗געשעפט, א פערלאגס⸗פירמע.

pub'lishment *n.* (פאב'-ליש-מענט) פערעפענטליכונג, בעקאנטמאכונג; אן אפיציעלע עפענטליכע ערקלערונג וועגען א געפלאנטער הייראט [ז. ***banns***].

puccoon' *n.* (פא-קוהן') דאס קאנאדישע בלוט⸗קרויט [אזא פלאנצע]; אזא אמעריקאנער פלאנצע מיט גאלד⸗געלבע טעלער⸗פערמיגע און האריגע בלומען.

puce *a.* (פיוס) רויט⸗ברוין, פורפור⸗ברוין; וואס האט דעם קאליר פון א פלוי.

pu'ceron *n.* (פיו'-סע-ראן) די בלאט⸗לויז, די גראז⸗לויז.

puck *n.* (פאק) א וואלד⸗טייוועל, א שד, א רוח; א לוסטיגער טייוועל.

Puck *n.* (פאק) אן איבער⸗טייוועל, א וואזשנער שד.

puck'-ball *n.* (פאק'-באהל) ז. ***puffball***.

puck'er *v. and n.* (פאק'-ער) 1. צונויפקנייטשען, צורונצלען; מאכען פאלטען; צונויפציהען אין קנייטשען אדער פאלטען; ווערען צוקנייטשט אדער צורונצעלט; 2. א קנייטש, א פאלט; 3. אויפרעגונג, צוטומלונג, פערווירונג.

1. His skin **puckered** up in wrinkles. 3. The whole community was in a **pucker**.

puck'erer *n.* (פאק'-ער-ער) א קנייטשער, א פאלטער.

puck'ery *a.* (פאק'-ער-אי) 1. וואס ציהט צוזאמען דאס מויל אין קנייטשען [וועגען א שארפען געשמאק, ווי זויערקייט אדער ביטערקייט]; 2. וואס צורונצעלט אדער צוקנייטשט; וואס קנייטשט אדער רונצעלט זיך.

1. Some of these apples are acrid and **puckery.**

puck'ery taste (פאק'-ער-אי טייסט) א געשמאק וואס ציהט צונויף דאס מויל אין קנייטשען [ווי ביטערקייט אדער זויערקייט].

puck'ish *a.* (פאק'-איש) ווי א וואלד⸗טייוועל; לוסטיג.

pud *n.* (פאד) א לאפע, א פויסט, א האנד.

pud'dening *n.* (פוד'-נינג) אזא דיקע קישען געמאכט פון שטיקער פאנאנדער⸗געפלאכטענע שטריק און בעדעקט מיט דיקען לייוונט וואס ווערט בענוצט אלס א שוץ פאר דעם פאדערשטען ענד פון א שיף.

pud'der *v. and n.* (פאד'-ער) ליארמען, טומלען; א ליארם, א טומעל.

pud'ding *n.* (פוד'-אינג) א פודינג; א קוגעל; א פלייש⸗וואורשט, געהאקטעס פלייש געפילט אין א קישקע; א קישען געמאכט פון שטיקער פאנאנדערגעפלאכטענע שטריק וואס ווערט בענוצט אלס א שוץ פאר דעם פאדערשטען ענד פון א שיף.

pud'ding-bag *n.* (פוד'-אינג-בעג) א זעקעל אין וועלכען עס ווערט אריינגעלעגט א קוגעל איהם אויסצוקאכען.

pud'ding-cloth *n.* (פוד'-אינג-קלאטה) א שטיקעל צייג אין וואס עס ווערט איינגעוויקעלט און פערבונדען א קוגעל איהם אויסצוקאכען.

pud'ding-faced *a.* (פוד'-אינג-פייסט) מיט א רונדען פעטען געזיכט [ווי א קוגעל].

pud'ding-fish *n.* (פוד'-אינג-פיש) דער בלוי⸗פיש [אזא פיש, וועלכער געפינט זיך אין די וועסט⸗אינדישע וואסערען]. ז. ***bluefish***.

pud'ding-head *n.* (פוד'-אינג-העד) א קוגעל⸗קאפ, א פערשטאפטער קאפ, א שוטה, א גולם.

pud'ding-head'ed *a.* (פוד'-אינג-העד'-עד) מיט א פערשטאפטען קאפ, דום, נאריש.

pud'ding-pie *n.* (פוד'-אינג-פאי) א פלייש⸗פודינג, א פודינג געפילט מיט פלייש.

pud'ding-sleeve *n.* (פוד'-אינג-סליעוו) א ברייטער ארבעל; אן ארבעל פון א גלח'שען מאנטעל.

pud'ding-stone *n.* (פוד'-אינג-סטאון) דער קוגעל⸗שטיין [א שטיין וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פערשיעדענע שטיינדלעך, וועלכע האלטען זיך צוזאמען].

pud'ding-time *n.* (פוד'-אינג-טאים) די עס⸗צייט, די צייט פון מיטאג⸗עסען; די רעכטע צייט.

pud'ding-wife *n.* (פוד'-אינג-הוואיף) אזא לאנגער אמעריקאנער בלוי⸗פיש מיט גרויסע שופען פון בלויליכען אדער בראנזקאליר מיט וועלען⸗פערמיגע הימעל⸗בלויע שטרייפען. ז. ***bluefish***.

pud'dingy *n.* (פוד'-אינג-אי) ווי א קוגעל, עהנליך צו א פודינג.

pud'dle *n. and v.* (פאדל) א לוזשע; א בלאטיג טייכעל; א געדיכטע ליים⸗מישונג צום פערקלעפען שפאלטען אדער לעכער, אז קיין וואסער זאל ניט דורכגעהן; אן אונגעלומפערטער אדער פלומפער מענש; מאכען בלאטיג אדער מוטנע; בעשמוצען, פעראונרייניגען; פערקלעפען מיט ליים; מאכען, אז קיין וואסער זאל ניט אריינדרינגען דורך פערקלעפען מיט ליים; אויפריהרען, אויפרודערען ווי א בלאטיג טייכעל; בעשמוצען; פערוואנדלען גוס⸗אייזען אין שמיעד⸗אייזען.

pud'dle-ball *n.* (פאד'ל-באהל) א שטיק גליהענדעס אייזען וואס ווערט ארויסגענומען פון גליה⸗אויווען צום שמיעדען אדער צום וואלצען.

pud'dle-bar *n.* (פאד'ל-באר) אן אייזען⸗שטאנג ווי ער קומט ארויס פון די וואלצען און איז פערוואנדעלט געווארען אין שמיעד⸗אייזען.

pud'dle-duck *n.* (פאד'ל-דאק) די געוועהנליכע היימישע ענטעל [קאטשקע].

pud'dler *n.* (פאד'-לער) אן ארבייטער וואס איז בעשעפטיגט ביים פערוואנדלען גוס⸗אייזען אין שמיעד⸗אייזען; איינער וואס רודערט אויף א בלאטע [אין א טייכעל]; איינער וואס פערשמירט מיט ליים; איינער וואס בעשמוצט.

pud'dle-rolls *n.* (פאד'ל-ראולז) א פאר שווערע אייזען⸗וואלצען דורך וועלכע עס ווערען דורכגעלאזען גליהענדע שטיקער אייזען וועלכע דארפען פערוואנדעלט ווערען פון גוס⸗אייזען אין שמיעד⸗אייזען.

pud'dling *n.* (פאד'-לינג) דאס אויספילען אדער אויסשמירען מיט ליים אדער וואפנע, אז קיין וואסער זאל ניט דורכדרינגען; א געדיכטע ליים⸗מישונג אדער וואפנע, וואס ווערט בענוצט פאר דיעזען צוועק; דאס פערוואנדלען גוס⸗אייזען אין שמיעד⸗אייזען דורך גליהען אין א פלאם⸗אויווען.

pud'dling-fur'nace *n.* (פאד'-לינג-פויר'-נעס) א פלאם⸗אויווען צו פערוואנדלען גוס⸗אייזען אין שמיעד⸗אייזען.

pud'dly *a.* (פאד'-לי) בלאטיג, מוטנע.

pud'dy *a.* (פאד'-אי) ז. ***pudgy***.

pu'dency *n.* (פיו'-דענ-סי) שעמעוודיגקייט, צניעות.

puden'da *n.* (פיו-דענ'-דא) די געשלעכטס⸗טיילען, די געשלעכטס⸗גליעדער; די געגענדען פון די געשלעכטס⸗טיילען. ז. ***pudendum***.

puden'dal *a.* (פיו-דענ'-דעל) וואס איז שייך צו די געשלעכטס⸗טיילען.

puden'dum *n.* (פיו-דענ'-דאם) די געגענד פון די געשלעכטס⸗טיילען.

pudg'y *a.* (פאדזש'-אי) קורץ און דיק, קליין און פעט.

pu'dic *a.* (פיו'-דיק) וואס איז שייך צו די געשלעכטס⸗טיילען.

pu'dical *a.* (פיו'-די-קעל) ז. ***pudic***.

pu'dic ar'teries (פּיו'־דיק אר'־טער־איז) די ארטעריען וועלכע גײען צו די געשלעכטליכע טײלען.

pudic'ity *n.* (פּיו־דיס'־אי־טי) שעמעוודיגקייט, צניעות.

pud'sy *a.* (פּאד'־זי) ז. *pudgy*.

pueb'lo *n.* (פּועבּ'־לאו) א געמײנדע, א שטאָדט אדער א דאָרף אין ניו־מעקסיקא אדער אין די שפּאַנישע געגענדען פון אמעריקא.

Pueb'lo *n.* (פּועבּ'־לאו) א פּועבּלא אינדיאנער. ז. *Pueblo Indians*.

Pueb'lo In'dians (פּועבּ'־לאו אינ'־די־ענז) די פּועבּלא אינדיאנער [די טײלווייז ציוויליזירטע אינדיאנער־שבטים אין די אמעריקאנער שטאאטען ניו־מעקסיקא און אריזאָנא, וועלכע וואהנען אין קאָמונאלע דערפער [פּועבּלאָס].

pu'erile *a.* (פּיו'־ע־ריל) 1. קינדעריש; 2. קינדיש.

2. It is **puerile** to deny facts.

pu'erilely *adv.* (פּיו'־ע־ריל־לי) מעשה אינגעל, אויף א קינדערישען אופן.

pu'erileness *n.* (פּיו'־ע־ריל־נעס) ז. *puerility*.

pueril'ity *n.* (פּיו־ע־ריל'־אי־טי) קינדעריי; די צייט פון קינדשאפט, דאס אינגעלשע עלטער [פון 7 יאהר ביז 14]; קינדערישקייט.

puer'peral *a.* (פּיו־אויר'־פּע־רעל) פון קינפּעט; וואס קומט פון אדער וואס איז שייך צו קינפּעט.

puer'peral convul'sions (פּיו־אויר'־פּע־רעל קאנ־וואל'־שאנז) געבורטס־קאנוואולסיעס.

puer'peral fe'ver (פּיו־אויר'־פּע־רעל פי'־ווער) קינפּעט־פיבער.

puer'peral insan'ity (פּיו־אויר'־פּע־רעל אין־סענ'־אי־טי) וואהנזין [משוגעת] וואס קומט פון קינפּעט.

puer'perally *adv.* (פּיו־אויר'־פּע־רעל־אי) אין פערבינדונג מיט קינפּעט [ווי קינפּעט־פיבער א. ד. ג.].

puer'perous *a.* (פּיו־אויר'־פּע־ראס) ליגענדיג אין קינפּעט.

puer'pery *n.* (פּיו־אויר'־פּע־רי) קינפּעט, דער קינפּעט־צושטאנד.

pu'et *n.* (פּיו'־עט) ז. *pewit*.

puff *n., v. and int.* (פּאף) אן אויס־פּוף; א בלאז, א שטארקער הויך, א ווינד־בלאז; דער בוויסט אדער שטויב־שוועמעל [אזא שוואמיגע פלאנצע, וועלכע פערשפּרייט ארום זיך א גערייכטען שטויב פון זוימען־קערנדלעך, ווען מען גיט זי א בלאז אדער א שאקעל]; עטוואס לייכטעס, אויפגעבלאזענעס און שוואמיגעס; שוואם־קוכען, אויפגעבלאזענע געבעק; א פּודער־בערשטעל [אזא בערשטעל פון פּוך אדער פון אן אנדער עהנליכען שטאָף צום פּודערען דאס געזיכט]; א רונד־פאלב [אן ארויפגענעהטער פאלב אויף א קלייד, וואס איז מיטען אויפגעבלאזען אדער אויפגעפּופּט]; א מארק־שרייערישע אדער אויפגעבלאזענע רעקלאמע; אן אויפגעבלאזענע בעריהמעריי; א רעקלאמען־מאכען; א פּוסטער בעריהמער; איינער וואס בלאזט פון זיך; א פּארפיום־שטרייער [א פלעשעל מיט א דעקעל פון קליינע לעכעלעך צו שטרייען פּארפיום]: בלאזען; הויכען; אייספּיפען, ארויסלאזען ווינד אדער רויך; שטארק אטעמען; "פּייפען" אויף אימיצען; זיך גרויס מאכען, זיך אויפבלאזען, בלאזען פון זיך; מאכען רעקלאמע, לויבען אין הימעל אריין, אויפבלאזען; אוועקבלאזען; אן אויסרוף פון פעראכטונג אדער אונגעדולד.

puff'-ad'der *n.* (פּאף'־עד'־ער) די פוף־שלאנג [די גרעסטע און גיפטיגסטע שלאנג אין אפריקא. זי ליגט געוועהנליך אין גאנצען פערגראבען אין זאמד פון וועלכען דער קאפּ שטעקט ארויס. ווען זי ווערט גערייצט, בלאזט זי אויף דעם אויבערשטען טייל פון איהר קערפּער].

puff'ball *n.* (פּאף'־באהל) דער באוויסט אדער דאס שטויב־שוועמעל [אזא שוואמיגע פלאנצע וועלכע פערשפּרייט ארום זיך א גערייכטען שטויב פון זאמען־קערנדלעך ווען מען גיט זי א שאקעל אדער א בלאז].

puff'-bird *n.* (פּאף'־בוירד) אזא אמעריקאנער קליינער פויגעל, וועלכער האט די געוואוהנהייט אויפצובלאזען זיינע פעדערען; דער נאנען־פויגעל. ז. *nun-bird*.

puff'-box *n.* (פּאף'־באקס) א פּודער־קעסטעל.

puffed *a.* (פּאפט) מיט פּופען, מיט אויפגעבלאזענע קרויזען אדער פאלבען [וועגען קליידער].

puff'er *n.* (פּאף'־ער) א רעקלאמען־מאכער, אן אויפבלאזער, א לויבער, א ריהמער; א גערדונגענער ארויפבאטער אדער פּרייז־שטייגער אויף ליציטאציעס [אויקציאנען]; א בלאז־פיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף]; אזא קעסעל אין וועלכען מען ריינינט לייוונד אדער באוועל דורך קאכען.

puff'ery *n.* (פּאף'־ער־אי) רעקלאמען־מאכעריי, ריהמעריי.

puff'-fish *n.* (פּאף'־פיש) דער בלאז־פיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף].

puff'ily *adv.* (פּאף'־אי־לי) אויף אן אויפגעבלאזענעם אופן.

puf'fin *n.* (פּאפ'־אין) דער פּאפּוגאי־טויכער אדער דער ים־פּאפּוגאי [אזא פּאפּוגאי־עהנליכער פויגעל וועלכער לעבט ביים ים]; א שטויב־שוועמעל. ז. *puffball*.

Puffin

puff'iness *n.* (פּאפ'־אי־נעס) אויפגעבלאזענקייט.

puff'ing *n. and a.* (פּאפ'־אינג) רעקלאמען־שרייבעריי, מארק־שרייערישע ריהמעריי; פּופען, געפּופּטע אדער אויפגעבלאזענע פאלבען אדער קרויזען פון א קלייד; מארק־שרייעריש, ריהמעריש.

puff'ingly *adv.* (פּאפ'־אינג־לי) אויפבלאזענדיג, ריהמענדיג, אויף א מארק־שרייערישען אופן.

puff'-paste *n.* (פּאף'־פּייסט) אויפלויף, אויפגעבלאזענער טייג.

puffs *n.* (פּאפס) א פרעמדע אויפגעפּופּטע האר־געפלעכט וואס פרויען טראגען אויף'ן קאפּ.

puff'y *a.* (פּאף'־אי) 1. אנגעבלאזען, אויפגעשוואלען; 2. באמבאסטיש, אויפגעבלאזען; 3. מיט ווינד־שטויסען, שטורמדיג.

2. He has a **puffy** style.

pug *n. and v.* (פּאג) א ליעבלינג, א ליעבלינגס־בעשעפעניש; אן אפּע; א מאפּס [אזא הינטעל]; א פוקס; א פוס־שפּור; א פערריסענע נאז [ווי ביי א מאפּס]; צוקנעטענע ליים מיט וואסער פאר ציגעל אדער טעפּ; אויסטינקעווען אדער אויסשמירען מיט וואפּנע; צוקנעטען ליים מיט וואסער צו מאכען דערפון טעפּ אדער ציגעל.

pug'-dog *n.* (פּאג'־דאג) א מאפּס [אזא הינטעל].

pug'-faced *a.* (פּאג'־פייסט) וואס האט אן אפּען־געזיכט.

pug'gery *n.* (פּאג'־ער־אי) ז. *pugree*.

pug'gi *n.* (פּאג'־אי) — א אין אינדיען א נאכשפּירער פון גנבים, איינער וואס געפינט אויס גנבים נאך זייערע פוס־שפּורען.

pug'ging *n.* (פּאג'־אינג) דאס פערפערטיגען ליים פאר ציגעל; אין ארכיטעקטור — דאס אויספילען אין א געביידע דעם צווישען־רוים פון די דילען אדער פון די שייד־ווענד מיט וועלכען עס איז מאטעריאל צוליעב אקוסטישע צוועקען [אז א קלאנג אדער שטימע זאל נים צופיעל אבהילכען].

pugh *int.* (פּוה) פוי!

pu'gil *n.* (פּיו'־דזשיל) ז. *pugilist*.

pu'gilism *n.* (פּיו'־דזשי־ליזם) פויסט־קאמפף; באקס־קונסט.

pu'gilist *n.* (פּיו'־דזשי־ליסט) א באקסער, א פויסט־קעמפער.

pugilis'tic *a.* (פּיו־דזשי־ליס'־טיק) וואס איז שייך צו פויסט־קאמפף אדער באקס־קונסט.

pugilis'tically *adv.* (פּיו־דזשי־ליס'־טי־קעל־אי) אויף דעם אופן פון פויסט־קאמפף; אין בעצוג צו פויסט־קאמפף אדער באקס־קונסט.

pug'-mill *n.* (פּאג'־מיל) א מאשין צו קנעטען ליים.

pugna'cious *a.* (פּאג־ניי'־שאס) קאמפפס־לוסטיג, קריגעריש, וואס האט א נייגונג צו שלאגען זיך.

pugna'ciously *adv.* (פּאג־ניי'־שאס־לי) אויף א קריגערישען אופן; קאמפפס־לוסטיג.

pugnac'ity *n.* (פּאג־נעס'־אי־טי) די קאמפפס־לוסטיגקייט; בערייטקייט אדער די נייגונג צו שלאגען זיך; קריגס־לוסטיגקייט.

pug'-nose' *n.* (פּאג'־נאוז') אן ארויפגעריסענע נאז; א קורנאסע.

pug'-nosed *a.* (פּאג'־נאוזד) וואס האט אן ארויפגעריסענע נאז, וואס איז א קורנאסע.

pug'-piles *n.* (פּאג'־פּאילז) זיילען, וועלכע זיינען געשלאסען איינע מיט די אנדערע דורך קיעלען־פערמיגע פערבינדונגען אדער דורך שוואלבען־עק עהנליכע פערבינדונגען. ז. *dovetail*.

pug'ree *n.* (פּאג'־רי) אזא זיידענע אדער באוועלנע שאל אין אינדיען, עהנליך צו א טורבאן, וואס ווערט ארומגעוויקעלט ארום דעם הוט אדער ארום דעם העלם צו שיצען דעם קאפּ פון דער זון.

puis'ne *n. and a.* (פּיו'־ני) דער אונטערער, דער אינגערער; אן אונטער־ריכטער, א ריכטער פון א נידריגערען ראנג; אינגער אדער נידריגערער [וועגען א ריכטער].

pu'issance *n.* (פּיו'־אי־סענס) מאכט, שטארקייט.

pu'issant *a.* (פּיו'־אי־סענט) מעכטיג, שטארק.

pu'issantly *adv.* (פּיו'־אי־סענט־לי) אויף א מעכטיגען אופן; שטארק, מעכטיג.

pu'issantness *n.* (פּיו'־אי־סענט־נעס) מאכט, שטארקייט.

puke *v. and n.* (פּיוק) [פון ברעכען ניט־גיטקייט]: ברעכען; ברייננען צום ברעכען;

דאס אויסגעבראכענע; א ברעך=מיטעל; אז אבשייליכער אדער עקעלהאפטער מענש.

Puke *n.* (פיוק) אז איינוואהנער פון דעם שטאאט מיזורי, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אלס צונעמע=ניש].

pu'ker *n.* (פיו'-קער) איינער וואס ברעכט.

pu'king-fe'ver *n.* (פיו'-קינג-פי'-ווער) די מילך=פעסט. ז. ***milk-sickness***

pul'chritude *n.* (פאל'-קרי-טיוד) שעהנ=קייט.

pule *v.* (פיול) שרייען אדער וויינען ווי א קינד; פישטשען ווי א פויגעלע.

pu'ler *n.* (פיו'-לער) איינער וואס שרייט אדער וויינט, א פערזאן וואס בעקלאגט זיך.

Pu'lex *n.* (פיו'-לעקס) דער מין אינ=זעקטען צו וועלכען עס געהערען פליי.

pu'lex *n.* (פיו'-לעקס) א פליי.

pu'lic *n.* (פיו'-ליק) פליי=קרויט [אזא פלאנצע, וועלכע איז אמאל בעטראכט גע=ווארען אלס מיטעל געגען פליי].

pu'ling *n. and a.* (פיו'-לינג) א פיש=טשען ווי פון א פויגעלע; א וויינען [ווי פון א קינד]; א קלאגען; פישטשענדיג, וויי=נענדיג, קלאגענדיג.

pu'lingly *adv.* (פיו'-לינג-לי) וויינענ=דיג, קלאגענדיג; פישטשענדיג [ווי א פויגעלע].

pull *v. and n.* (פול) 1. ציהען, ארויס=ציהען, שלעפען; רייסען, צורייסען; פלי=קען, קלייבען, רייסען [פלאנצען]; פיה=רען אויף א רודער=שיף, רודערען; גנב'ע=נען [אויף גנבים=שפראך]; אראבנעהמען די האר פון פעל; 2. מאכען א פאליציי=איבערפאל; 3. א ציה, א שלעפ; 4. דאס רודערען; 5. עטוואס וואס ווערט נעצויגען אדער געשלעפט [ווי למשל, דאס הענטעל פון א טהיר=גלאק]; 6. איינפלוס, מאכט, פראטעקציע; 7. א גינסטיגע געלעגענהייט, א פארטייל; 8. א זופ, א טרונק; א קא=פיע, אן עקזעמפלאר [פון א דרוק=פרעס].
2. The police **pulled** the gambling-house. 4. It is healthy to have a good **pull** after a hearty dinner. 6. He has a **pull** with the governor.

pull a face (פול ע פיים) מאכען א גרימאסע, זיך פערקרימען.

pull a long face (פול ע לאהנג פיים) אננעהמען א זעהר ערנסטע מיענע.

pull and haul (פול ענד האהל) זיך ווארפען הין און הער.

pull apart' (פול ע-פארט') זיך פאנאנ=דעררייסען, זיך צורייסען.
Be careful: the rope will **pull apart**.

pull asun'der (פול ע-סאנ'-דער) ז. ***pull apart***

pull at the same end of the rope (פול עט טהי סיים ענד אוו טהי ראופ) געהן האנד אין האנד; צוזאמענווירקען.

pull'-back *n.* (פול'-בעק) א צוריק=שטויס, א שטויס צוריק, א הינדערניס, א שטערונג; א פארריכטונג צוזאמענצוציהען פון הינטען א פרויען=קלייד.

pull'-dev'il *n.* (פול'-דעוו'ל) אזא פאר=ריכטונג פון עטליכע האקענס צום כאפען פיש.

pull dif'ferent ways (פול דיפ'-ער-ענט הווייז) ציהען אין פערשיעדענע ריכ=טונגען; ניט ארבייטען הארמאניש.

pull'doo *n.* (פול'-דו) די אמעריקאנער וואסער=הוהן. ז. ***coot***

pull down (פול דאון) 1. אראברייסען, פאנאנדערווארפען, פאנאנדערנעהמען [ווי א הויז, למשל]; 2. צושטערען, פערניכ=טען, חרוב מאכען; 3. אראבדריקען, ער=נידריגען.
2. It is not always advisable to **pull down** old institutions.

pull'-down *n.* (פול'-דאון) דער דראט, וואס עפענט אויף די הילצערנע פלאטע פון אן ארגעל, וועלכע ציהט אריין און שטויסט ארויס די לופט.

pull'er *n.* (פול'-ער) איינער וואס שלעפט, א ציהער, א רייסער; אן אינ=סטרומענט עפעס ארויסצוציהען [ווי טשוועקעס, למשל]; איינער וואס נעהמט אראב די האר פון פעל; א פערד אין נע=שפאן וואס ציהט אוים די מארדע.

pull'er-in' *n.* (פול'-ער-אין') אן אריינ=שלעפער, אן אנגעשטעלטער פון א ביליגען געשעפט וואס שלעפט קונים פון גאס.

pul'let *n.* (פול'-עט) א היהנדעלע; אזא עסבארער אייראפעאישער מושעל.

pul'ley *n.* (פול'-אי) א ראָ=לע, א רעדעל, א בלאק, א שייבע, א רעדעל פון א הויב=מאשין אויף וועלכען עס דרעהט זיך א שטריק אדער רימען צום אויפהויבען משאות.



Pulley-block

pul'ley-block *n.* (פול'-אי-בלאק) א קאפסעל אין וועלכען עס ווערט איינגע=פאסט די ראלע אדער רע=דעל פון א הויב=מאשין אויף וועלכען עס דרעהט זיך דער שטריק.

pul'ley-door *n.* (פול'-אי-דאור) א טהיר וואס מאכט זיך אליין צו דורך א געוויכט וואס הענגט אויף א שטריק, וועל=כער דרעהט זיך אויף א רעדעל.

pul'ley-drum *n.* (פול'-אי-דראם) ז. ***pulley-block***

pull'-foot *v.* (פול'-פוט) לויפען; זיך איילען.

pull for (פול פאר) רודערען אין דער ריכטונג צו...
As the storm was approaching, we **pulled for** the shore.

pull in one's horns (פול אין הוואנז הארנז) ווערען געלאסענער, זיך לאזען א ביסעל בויגען.

pull in two (פול אין טוה) צורייסען אויף צווייען.

pull'-i'ron *n.* (פול'-אי'-ערן) א האקען ביי א וואגאן, אן וועלכען מען טשעפעט אן א קייט, ווען מען דארף דעם וואגאן שלעפען מיט פערד.

Pull'man *n.* (פול'-מען) א שלאף=וואגאן, א סאלאן=וואגאן.

Pull'man car (פול'-מען קאר) ז. ***Pullman***

pull'-off' *n.* (פול'-אף') די קראפט וואס פאדערט זיך צום אויסשיסען פון א שיס=געוועהר.

pull one's leg (פול הוואנז לעג) ארויס=קריגען עפעס [הויפטזעכליך געלד] דורך א שפיצעל אדער שווינדעל

pull one's self togeth'er (פול הוואנז סעלף טו-געטה'-ער) זיך בערו=היגען, זיך נעהמען אין די הענד אריין, זיך קאנטראלירען.

pull one through (פול הוואן טהרוה) ארויסשלעפען פון א צרה אדער פערלע=גענהייט, דורכשלעפען.

pull'-piece *n.* (פול'-פיעס) א שטריקעל אדער דרעטעל ביי א וואנד=זייגער צום מאכען קלינגען דעם זייגער, ווען מען דארף רעגולירען דעם קלינג=מעכאניזם.

pull the long'bow (פול טהי לאהנג'-באו) איבערטרייבען, דערצעהלען נישט=נעשטוינענע נישט=געפלויגענע זאכען.

pull the strings (פול טהי סטרינגז) ציהען די שטריקלעך [ביי טאנצענדע ליאלקעס]; זיין דער בעל הבית, קאנטרא=לירען [הינטען=ארום].

pull the trig'ger (פול טהי טריג'-ער) אויסשיסען.

pull the wires (פול טהי הוואירז) דורכפיהרען עטוואס הינטען=ארום דורך פערשיעדענע פלענער, ווי דורך בעאיינ=פלוסען פערזאנען, דורך צונויפריידען זיך א. ד. ג.

pull the wool o'ver one's eyes (פול טהי הוואול או'-ווער הוואנז איז) אבנארען, פערפיהרען, פערבלענדען.

pull through (פול טהרוה) זיך דורכ=שלעפען אדער דורכקריכען מיט שוועריג=קייט; זיך ארויסדרעהן פון א צרה אדער פערלעגענהייט; דורכשלעפען.

pul'lulate *v.* (פאל'-יו-לייט) אויסשפרא=צען.

pullula'tion *n.* (פאל-יו-ליי'-שאן) אויסשפראצונג.

pull up (פול אפ) איינהאלטען די לייי=צעס; זיך אבשטעלען; ארויסשלעפען, ארויסרייסען; צושטערען, פערניכטען, חרוב מאכען; אויסזידלען, אוועקגעבען א גאב; אריינגעהמען אין די הענד; ארעס=טירען [און ברייגגען פאר א געריכט].

pull up stakes (פול אפ סטייקס) זיך איינפאקען, זיך קלייבען צו פערלאזען א פלאץ.

pul'lus *n.* (פאל'-אס) א יונג פויגעלע; א יונגע חיה.

pulmobran'chiæ *n.* (פאל-מא-ברענ'-קי-אי) די אטהעמונגס=ארגאנען ביי מוש=לען, ביי איניגע מינים שפינען און עהנ=ליכע בעשעפענישען.

pulmobran'chiate *a.* (פאל-מא-ברענ'-קי-אייט) בעזיצענד אזעלכע ביי=טעל=עהנליכע אטהעמונגס=ארגאנען, ווי מושלען, שפינען און אנדערע עהנליכע בעשעפענישען.

pulmom'eter *n.* (פאל-מאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די קאפא=ציטעט [רוים, גרויס] פון די לונגען.

pulmom'etry *n.* (פאל-מאמ'-ע-טרי) מעסטונג פון דער קאפאציטעט [רוים, גרויס] פון די לונגען.

pul'monar *a.* (פאל'-מא-נאר) וואס האט לונגען אדער לונגען=עהנליכע קערפער=טיילען.

pulmona'rious *a.* (פאל-מא-ניי'-רי-אס) קראנק אויף די לונגען.

pul'monary *a. and n.* (פאל'-מא-נע-רי) וואס איז שייך צו די לונגען אדער צום אטהעמען; וואס בעריהרט די לונגען [ווי א קראנקהייט]; וואס דיענט אלס מיטעל צו לונגען=קראנקהייטען; וואס האט לונגען אדער לונגען=עהנליכע קערפער=טיי=לען; לונגען=קרויט [ז. ***lungwort***]; אזא שפין אדער שפין=עהנליכע בעשעפ=ניש, וואס האט אזעלכע פאלדען=עהנליכע אטהעמונגס=ארגאנען.

pul'monary ar'tery (פאל'-מא-נע-רי אר'-טע-רי) א לונגען=ארטעריע [א שלאנ=אדער וואס פיהרט דאס בלוט פון האר=צען צו די לונגען].
ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

pul'monary bran'chiæ (פאל'-מא-נע-רי ברענ'-קי-אי) אזעלכע זיִאבערעס אדער אטהעמונגס=ארגאנען ביי שפינען און

שפינען-עהנליכע בעשעפעניש(ען), וועלכע בעשטעהען פון א רייהע פאלדען.

pul'monary consump'tion (פאל-מא-נע-רי קאנ-סאמפ'-שאן) לונגען-שווינדזוכט.

pul'monary vein (פאל'-מא-נע-רי וויין) אן אדער דורך וועלכען עס שטראמט דאס בלוט פון די לונגען צום הארצען. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

pulmonibran'chiate *a.* (פאל-מא-ני-ברענ'-קי-אייט) ז. *pulmobranchiate*

pulmon'ic *a. and n.* (פאל-מאנ'-איק) וואס איז שייך צו די לונגען; א מעדיצינישער מיטעל פאר קראנקע לונגען; איינער וואס איז קראנק אויף די לונגען.

pulp *n. and v.* (פאלפ) א ווייכע מאסע; דאס פלייש אדער דאס ווייכע פון פרוכט; קימוס [שפייז וואס איז איבערגעקאכט געווארען אין מאגען און איז אריין אין די קישקעס]; די פולפע פון א צאהן [דער נערוו וואס איז אין צאהן]; די כראמשקע וואס געפינט זיך ביי דער שליסונג פון די טיילען פון דעם רוקען-ביין; די צוריבענע מאסע, פון וועלכער מען דארף מאכען פאפיער; צושטויבטער רויהער מעטאל געמישט מיט וואסער; פערוואנדלען אין א ווייכער מאסע [ווי למשל, פערשיעדענע מאטעריאלען צו מאכען פאפיער]; אראבנעהמען דעם ווייכען טייל [פון פרוכט]; ווערען רייף און זאפטיג [ווי דער פליישיגער טייל פון א פרוכט].

pulp'-boi'ler *n.* (פאלפ'-באי'-לער) ז. *pulp-digester*

pulp'-cav'ity *n.* (פאלפ'-קעוו'-אי-טי) דער נערוו-קאנאל אין א צאהן.

pulp'-diges'ter *n.* (פאלפ'-די-דזשעס'-טער) א מאשין אויסצוקאכען און פערוואנדלען שטרוי און האלץ אין א ווייכער מאסע, פון וועלכער מען מאכט פאפיער.

pulp'-dress'er *n.* (פאלפ'-דרעס'-ער) אן אפאראט צו רייניגען דעם צוריבענעם מאטעריאל, פון וועלכען מען דארף מאכען פאפיער.

pulp'-en'gine *n.* (פאלפ'-ענ'-דזשין) אין פאפיער-פאבריקאציאן — א מאשין איבערצוקאכען שמאטעס און אנדערע עהנליכע מאטעריאלען.

pul'per *n.* (פאל'-פער) ז. *pulp-mill*

pul'pifier *n.* (פאל'-פי-פאי-ער) אן אפאראט צו פערוואנדלען פלייש אין א קאשע-עהנליכער מאסע [פאר מענשען וואס ליידען אויף'ן מאגען].

pul'pify *v.* (פאל'-פי-פאי) פערוואנדלען אין א ווייכער מאסע, מאכען עהנליך צו א קאשע.

pul'piness *n.* (פאל'-פי-נעס) פליישיגקייט [ווי פון א פרוכט], דאס זיין ווייך ווי קאשע. ז. *pulp*

pul'ping-machine' *n.* (פאל'-פינג-מע-שין') א מאשין צו מאהלען ריבען.

pul'pit *n. and a.* (פול'-פיט) א רעדנער-ביהנע, א בימה פאר א פרעדיגער; אן עמוד; אזא שטאנג, אויף א שיפעל וואס ווערט געברויכט פאר וואלפיש-פאנג, וואס פערהיט, אז דער הארפון-ווארפער זאל ניט אריינפאלען אין וואסער; וואס איז שייך צו דער פרעדיגער-בימה, צו פרעדיגער אדער צו זייערע פרעדיגטען.

pulpiteer' *n.* (פול-פי-טיער') א פרעדיגער [א פערעכטליכער אויסדרוק].

pul'pitish *a.* (פול'-פי-טיש) ווי א בעל דרשן.

pul'pitry *n.* (פול'-פיט-רי) דאס פרעדיגען.

pulp'less *a.* (פאלפ'-לעס) אהן פלייש, אהן ווייכע טיילען [ווענען פרוכט]; אהן א פולפע [צאהן-נערוו]. ז. *pulp*

pulp'-machine' *n.* (פאלפ'-מע-שין') ז. *pulp-engine*

pulp'-mill *n.* (פאלפ'-מיל) א מאשין אויסצוקאכען און פערוואנדלען אין א קאשע פערשיעדענע מאטעריאלען פאר פאפיער-פאבריקאציאן; א מאשין צו מאהלען ריבען; א מאשין אראבצונעהמען דעם ווייכען, פליישיגען טייל פון קאפע-קערנער.

pul'pous *a.* (פאל'-פאס) פליישיג [ווענען פרוכטען]; קאשע-עהנליך.

pul'pousness *n.* (פאל'-פאס-נעס) ווייכקייט; דאס זיין עהנליך צו קאשע.

pulp'-stone *n.* (פאלפ'-סטאון) א שטיין געברויכט צום צומאהלען האלץ פאר דער פאבריקאציאן פון פאפיער.

pulp'-wash'er *n.* (פאלפ'-הוואש'-ער) ז. *pulp-dresser*

pulp'-wood *n.* (פאלפ'-הוואוד) האלץ, פון וועלכען מען מאכט פאפיער.

pul'py *a.* (פאל'-פי) ז. *polpous*

pul'que *n.* (פול'-קע) פולקע [א מעקסיקאנישער בערוישענדער געטראנק געמאכט פון אגאווע (אזא פלאנצע)]. ז. *Agave*

pul'que-bran'dy *n.* (פול'-קע-ברענ'-די) דיסטילירטע פולקע. ז. *pulque*

pul'sate *v.* (פאל'-סייט) פולסירען, שלאגען, קלאפען [ווי דאס הארץ אדער דער פולס].

pul'satile *a. and n.* (פאל'-סע-טיל) פולסירענד, שלאגענד, קלאפענד; וואס גיט ארויס קלאנגען דורך שלאגען אדער קלאפען [ווי א פויק, א גלאק א. ז. וו.]; אן אינסטרומענט וואס גיט ארויס קלאנגען דורך קלאפען [ווי א פויק, א טאמבורין א. ז. וו.].

pulsa'tion *n.* (פאל-סיי'-שאן) פולסירונג [דאס שלאגען פון הארץ אדער פון א פולס-אדער]; א פולס-שלאג; א קלאפ, א שלאג; אין יוריספרודענץ — דאס געבען א קלאפ ניט פערורזאכענדיג קיין וועהטאג.

pul'sative *a.* (פאל'-סע-טיוו) פולסירענד, שלאגענד, קלאפענד [ווי דאס הארץ אדער פולס]; וואס גיט ארויס קלאנגען דורך קלאפען [ווי א פויק, למשל].

pulsa'tor *n.* (פאל-סיי'-טאר) איינער וואס קלאפט אדער שלאגט; א פולסאמעטער [אזא פומפ. ז. *pulsometer*].

pul'satory *a.* (פאל'-סע-טא-רי) ז. *pulsative*

pulse *n. and v.* (פאלס) דער פולס, דער פולס-שלאג; א קלאפ, א ריטמישעס קלאפען, וואס ווידערהאלט זיך רעגעלמעסיג; פולסירונג; וויבראציאן; אין מוזיק — דער טאקט; סטרוטשקע-פרוכט [ווי ארבעס, פאסאליעס א. ז. וו.]; א סטרוטשקע-פלאנצע; שטימונג, נייגונג; פולסירען, שלאגען [ווי א פולס-אדער, למשל].

pulse'-glass *n.* (פאלס'-גלעס) דער פולס-האמער [א גלעזערנער אפאראט אנגעפילט מיט עטהער, וועלכער הויבט אן ווי זידען, ווען מען נעהמט איהם אין דער האנד].

pulse'less *a.* (פאלס'-לעס) וואס האט ניט קיין פולס, ביי וועלכען דער פולס שלאגט ניט; אהן לעבען.

pulse'lessness *n.* (פאלס'-לעס-נעס) דאס זיין אהן א פולס; לעבענסלאזיגקייט.

pulse'-rate *n.* (פאלס'-רייט) די צאהל פולס-שלעגע פון א שלאג-אדער אין א מינוט.

pulse'-war'mer *n.* (פאלס'-הוואהר'-מער) א ווארימער האנד-מאנזשעט [צו האלטען ווארעם דעם פולס].

pulsif'ic *a.* (פאל-סיפ'-איק) וואס רעגט אויף דעם פולס; וואס רופט ארויס פולסירונג.

pulsim'eter *n.* (פאל-סימ'-ע-טער) א פולס-מעסטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די קראפט, אפטקייט און וואריאציאנען פון פולס.

pul'sion *n.* (פאל'-שאן) דאס טרייבען פארווערטס, דאס שטויסען.

pul'sive *a.* (פאל'-סיוו) אימפולסיוו. ז. *impulsive*

pulsom'eter *n.* (פאל-סאמ'-ע-טער) א פולס-מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם פולס]; א פולסאמעטער [א מין פומפ וואס ארבייט מיט דער הילף פון צוזאמענגעפרעסטען דאמפף].

pulta'ceous *a.* (פאל-טיי'-שיאס) ווייך, עהנליך צו קאשע; האלב-פערדייהט אדער האלב-איבערגעקאכט אין מאגען.

pulv. אין מעדיצין — אבקירצונג פון *pulvis* [א פולווער, א פראשעק].

pul'verable *a.* (פאל'-ווע-רעבל) וואס קען צופולווערט ווערען, וואס קען צומאלען ווערען אויף פולווער.

Pulverato'res *n.* (פאל-ווע-רע-טאו'-ריעז) דער מין פויגלען, וואס האבען א טבע זיך צו קייקלען אין שטויב [ווי היהנער, למשל].

pulve'reous *a.* (פאל-וויע'-רי-אס) בעשטויבט, ווי בעדעקט מיט שטויב.

pul'verin *n.* (פאל'-ווע-רין) ז. *pulverine*

pul'verine *n.* (פאל'-ווע-רין) בארילא-אש, דאס אש פון בארילא אדער זאלץ-קרויט [א פלאנצע, פון וועלכער מען מאכט סאדא].

pul'verisable *a.* (פאל'-ווע-ראי-זעבל) ז. *pulverizable*

pulverisa'tion *n.* (פאל-ווע-רי-זיי'-שאן) ז. *pulverization*

pul'verise *v.* (פאל'-ווע-ראיז) ז. *pulverize*

pul'veriser *n.* (פאל'-ווע-ראי-זער) ז. *pulverizer*

pul'verizable *a.* (פאל'-ווע-ראי-זעבל) וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין פולווער.

pulveriza'tion *n.* (פאל-ווע-רי-זיי'-שאן) צופולווערונג, פערוואנדלונג אין פולווער, דאס צומאלען אויף שטויב.

pul'verize *v.* (פאל'-ווע-ראיז) צושטויבען, צופולווערען, צומאלען, פערוואנדלען אין פולווער; ווערען צופולווערט אדער צוריבען אין שטויב; זיך קייקלען אדער וואלגערען אין שטויב [ווי היהנער און איינינע אנדערע פויגלען].

pul'verizer *n.* (פאל'-ווע-ראי-זער) איינער וואס צושטויבט אדער צומאהלט; א מאשין צום צומאהלען אדער צום צושטויבען; א פויגעל, וואס קייקעלט זיך אין שטויב [ווי למשל, א הוהן].

pul'verizing har'row (פאל'-ווע-ראי-זינג הער'-או) אזא בראנע מיט ברייטע צייהנער וואס צוברעקעלט זעהר שטארק די אויפגעאקערטע ערד. ז. *harrow*

pul'verous *a.* (פאל'-ווע-ראס) פולווער-ארטיג, שטויבארטיג; וואס בעשטעהט פון פולווער אדער שטויב.

pulver'ulence *n.* (פאל-ווער'-או-לענס) שטייביגקייט, פולווערארטיגקייט, שטויב-

ארטינקייט, בעשטויבטקייט, דאס זיין בע=שטויבט.

pulver'ulent *a.* (פאל-ווער'-או-לענט) שטויביג, שטויבארטיג; בעדעקט ווי מיט שטויב [וועגען אינזעקטען און פלאנצען]; שוואך בעהעפט [וועגען צעלען=געוועב]; וואס האט א טבע זיך צו קייקלען אדער וואלגערען אין שטויב [ווי היהנער אדער אנדערע פויגלען].

pul'villar *a.* (פאל'-ווי-לאר) קישען=עהנליך [וועגען קערפער=טיילען, הויפט=זעכליך וועגען די קישעלעך אויף די פיס=לעך פון אן אינזעקט].

pulvil'liform *a.* (פאל-וויל'-אי-פארם) ז. *pulvillar*.

pulvil'lus *n.* (פאל-וויל'-אס) דאס קי=שעלע אדער דער קישען=עהנליכער טייל פון די פיסלעך ביי אינזעקטען.

pul'vinate *a.* (פאל'-ווי-נייט) עהנליך צו א קישען [אין אויסזעהען].

pul'vinated *a.* (פאל'-ווי-ניי-טעד) אין ארכיטעקטור — אנגעשוואלען, וואס האט ווי אן אנשוועלונג [וועגען א זייל].

pu'ma *n.* (פיו'-מא) די פומא, דער קו=גואר. ז. *cougar*.

pum'ice *n. and v.* (פאמ'-איס) פימס=שטיין [אזא שוואם=עהנליכער לאווא=שטיין]; רייבען אדער פאלירען מיט פימס=שטיין.

pumi'ceous *a.* (פיו-מיש'-יאס) עהנליך צו פימס=שטיין, שוואם=ארטיג. ז. *pumice*.

pum'ice-stone *n.* (פאמ'-איס-סטאון) פימס=שטיין. ז. *pumice*.

pum'iciform *a.* (פאמ'-אי-סי-פארם) עהנליך צו פימס=שטיין [אזא שוואם=אר=טיגער לאווא=שטיין].

pum'mel *n. and v.* (פאמ'-על) ז. *pommel*.

pum'melo *n.* (פאמ'-ע-לאו) ז. *pomelo*.

pump *n. and v.* (פאמפ) א פומפ; א שטרעבונג עפעס ארויסצוקריעגען אדער אויסצונארען ביי אימעצען [געלד, א סוד א. ז. וו.]; א טאנץ=שוך, א טאנץ=טופליע; פומפען, אויספומפען; ארויסקריעגען אדער אויסנארען עפעס.

pum'page *n.* (פאמ'-פיידזש) די מאס פליסיגקייט וואס ווערט אויסגעפומפט מיט איין מאל אדער אין פערלויף פון א בע=שטימטער צייט.

pump'-bar'rel *n.* (פאמפ'-בער'-על) דאס פומפ=פאס, דער צילינדער פון א פומפ.

pump'-bit *n.* (פאמפ'-ביט) די פומפ=רעהר [די רעהר וואס געהט אריין און ארויס אין פומפ].

pump'-brake *n.* (פאמפ'-ברייק) ז. *pump -handle*.

pump'-cart *n.* (פאמפ'-קארט) א וואַ=גען צו פיהרען וואסער מיט א פומפ צום בעוואסערען א פעלד אדער גארטען.

pump'-cis'tern *n.* (פאמפ'-סיס'-טוירן) א פומפ=ציסטערנע [אזא קאסטען איבער א קייט=פומפ אויף א שיף, וואוהין עס גיסט זיך אריין דאס אנגעשעפטע וואַ=סער]; אזא פארריכטונג צו פערהיטען, אז קיין זייטיגע זאכען זאלען ניט אריינ=קומען אין א קייט=פומפ. ז. *chain-pump*.

pump'-dale *n.* (פאמפ'-דייל) א פומפ=רעהר [א רעהר אבצופיהרען דאס וואסער פון א פומפ].

pumped *a.* (פאמפט) אהן אן אטהעם; אנגעטהאן אין באל=שיך אדער טאנץ=שיך.

pum'per *n.* (פאמ'-פער) איינער אדער עטוואס וואס פומפט; א פעטראלעאום=קוואל, פון וועלכען מען מוז דאס פעטרא=לעאום אויספומפען [אנשטאט עס זאל אליין ארויסשיסען אויף דער אויבערפלע=כע].

pum'pernickel *n.* (פאמ'-פער-ניק-על) פומפערניקעל, א מין גראבעם שווארצעם קארן=ברויט.

pump'-gear *n.* (פאמפ'-גיער) דער אפא=ראט פון א פומפ.

pump'-han'dle *n.* (פאמפ'-הענ'דל) דאס הענטעל פון א פומפ.

pump'-house *n.* (פאמפ'-האוס) ז. *pump-room*.

pum'ping-en'gine *n.* (פאמ'-פינג-ענ'-דזשין) א פומפ=מאשין, א מאשין צו בריינגען אין בעוועגונג א פומפ.

pum'pion *n.* (פאמ'-פיאן) ז. *pumpkin*.

pump'kin *n.* (פאמפ'-קין) א קירבעס; די קירבעס=פלאנצע.

Pumpkin

pump'kin-head *n.* (פאמפ'-קינ-העד) א נאר, א דומער יונג.

pump'kin-seed *n.* (פאמפ'-קין-סיעד) קירבעס=קערנער; דער אמעריקאנישער זון=פיש; א נאמען פון פערשיעדענע קליינע פיש; א מין פלאכעס ברייטעס רודער=שי=פעל.

pump'kin-vine *n.* (פאמפ'-קין-וואין) די קירבעס=פלאנצע.

pump'-pis'ton *n.* (פאמפ'-פיס'-טאן) דער פומפ=קאלבען.

pump'-room *n.* (פאמפ'-רוהם) דער טרינק=זאל אין באדע=פלעצער [וואו מען טרינקט מינעראל=וואסער]; א פלאץ, וואו עס געפינען זיך פומפען.

pump ship (פאמפ שיפ) משתין זיין, פישען.

pump'-spear *n.* (פאמפ'-ספיער) א פומפ=שטאנג, א קאלבען=שטאנג.

pump'-staff *n.* (פאמפ'-סטעף) ז. *pump-spear*.

pump'-thun'der *n.* (פאמפ'-טהאנ'-דער) דער אמעריקאנישער רייהער=שנא=בעל [אזא וואלד=פויגעל].

pump'-well *n.* (פאמפ'-הוועל) א ברו=נעם, פון וועלכען מען ציהט וואסער אדער אן אנדער פליסיגקייט מיט דער הילף פון א פומפ; אן ארומצאמונג ארום די פומ=פען פון א שיף.

pun *n. and v.* (פאן) אווארט=שפיעל [מעהרסטענטייל אלס וויץ]; שפיעלען מיט ווערטער, מאכען ווארט=וויצען.

pu'na *n.* (פוה'-נא) די הויכע פלאכע געגענד צווישען די קארדיליערא=בערג אין פערו און באליוויא.

pu'na-wind *n.* (פוה'-נא-הווינד) אזא קאלטער טרוקענער ווינד וואס בלאזט אין געוויסע געגענדען פון פערו. ז. *puna*.

punch *n. and v.* (פאנטש) א געצייג עפעס אריינצוקלאפען אדער דורכצולעכע=רען; א דורכשניידער, א לאך=אייזען, א לעכעל=אויסהאקער; א בלאק אייזען צו שלאגען פאליעס; א פויסט=שלאג, א קלאפ, א שטויס [מיט'ן פויסט, מיט'ן עלענבויגען אדער מיט דער קניע]; פונש [א געטראנק]; א קליין מענשעלע; אזא קליין, קיילעכדיג פערדעל; בויערען; אויסהאקען א לעכעל; שלאגען, געבען קלעפ.

punch'-bowl *n.* (פאנטש'-באול) א פונש=שיסעלע [א שיסעלע, אין וועלכען מען מאכט פונש].

pun'cheon *n.* (פאנ'-טשאן) אן אינ=סטרומענט צום דורכלעכערען; א שטעמ=פעל; א פאס, א פעסעל [פון 72 גאלאן]; א קורצע, שטארקע וואנד=זייל אדער אונ=טערשפארע.

pun'cher *n.** (פאנ'-טשער) א דורכשניי=דער, א לאך=אייזען, א לעכעל=אויסהאקער; איינער וואס שטעמפעלט.

punch'-glass *n.* (פאנטש'-גלעס) א פונש=גלאז [א גלאז צום טרינקען פונש].

Punchinel'lo *n.* (פאנ-טשי-נעל'-או) א פאיאץ, א שפאס=מאכער, א פורים=שפיע=לער, א בדחן.

pun'ching-bag *n.* (פאנ'-טשינג-בעג) א הענגענדער שווערער לעדערנער בייַ=טעל, וועלכען מען קלאפט מיט די פויס=טען צוליעב קערפערליכע איבונגען.

pun'ching-bear *n.* (פאנ'-טשינג-בעהר) א הידראלישע לאך=מאשין [א מאשין דורכצושלאגען לעכער אין אייזען=פלאטען, וועלכע ווערט בעטריבען מיט וואסער=קראפט].

pun'ching-machine' *n.* (פאנ'-טשינג-מע-שין') א לאך=מאשין [א מאשין צו מאכען לעכער אין אייזען].

punch'-la'dle *n.* (פאנטש'-לייַ'דל) א לעפעל, מיט וועלכען מען גיסט אן פונש אין די גלעזער.

punch'-pli'ers *n.* (פאנטש'-פלאי'-ערז) א שטעמפעל=צווייגנעל [ווי דאס צוויינ=געל, מיט וועלכען קאנדוקטארען שטעמפּ=לען אייזענבאהן=בילעטען].

pun'chy *a.* (פאנ'-טשי) קורץ און גראב.

punc'tate *a.* (פאנק'-טייט) פערשפיצט; געפינטעלט, פונקטירט.

punc'tated *a.* (פאנק'-טיי-טעד) פונק=טירט, געפינטעלט.

puncta'tion *n.* (פאנק-טיי'-שאן) שפי=ציגקייט; פערשפיצטקייט; געפינטעלט=קייט; א צייטווייליגער קאנטראקט איי=דער דער ריכטיגער קאנטראקט נעהט אריין אין קראפט [ווערט געמאכט מעהרסטענ=טייל מיט'ן צוועק קלאר צו מאכען די פונקטען פון אבמאך].

puncta'tor *n.* (פאנק-טיי'-טאר) א פונק=טירער, איינער וואס פונקטירט; איינער פון די בעלי=המסורה, וועלכע האבען גע=שטעלט די נקודות פון תנ"ך.

punctic'ulate *a.* (פאנק-טיק'-יו-לייט) ז. *punctulate*.

punc'tiform *a.* (פאנק'-טי-פארם) פונקטפערמיג, עהנליך צו א פונקט.

punctil'io *n.* (פאנק-טיל'-יאו) גרויסע פינקטליכקייט, איבערטריבענע גענויאיג=קייט; פארמאליטעט, צערעמאניע.

punctil'ious *a.* (פאנק-טיל'-יאס) פינקט=ליך, גענוי; איבערטריבען=פינקטליך; פאר=מאליסטיש, צערעמאניעל.

Don't be too **punctilious** about your dress.

punctil'iously *adv.* (פאנק-טיל'-יאס-לי) מיט גענויאינקייט און פינקטליכקייט.

punctil'iousness *n.* (פאנק-טיל'-יאס-נעס) ז. *punctilio*.

punc'tion *n.* (פאנק'-שאן) א שטאך; אן איינגעדריקטער פלאץ [ווי פון א שטאך].

punc'tist *n.* (פאנק'-טיסט) ז. *punctator*.

punc'to *n.* (פאנק׳-טאו) דער שפיץ פון א שווערד, א שטויס מיט׳ן שפיץ פון א שווערד [ביים פעכטען].
punc'tual *a.* (פאנק׳-טשו-על) אקוראט; פינקטליך; גענוי; וואס בעשטעהט פון א פונקט אדער פינטעל; וואס שטעלט פאר א פונקט.
punctual'ity *n.* (פאנק-טשו-על׳-אי-טי) גענויאיגקייט, אקוראטקייט, פינקטליכקייט; דאס בעשטעהן פון א פונקט אדער פינטעל; דאס פארשטעלען מיט זיך א פונקט.
punc'tually *adv.* (פאנק׳-טשו-על-אי) פינקטליך, גענוי, אקוראט.
punc'tualness *n.* (פאנק׳-טשו-על-נעס) פינקטליכקייט, אקוראטקייט, גענויאיגקייט.
punc'tuate *v.* and *a.* (פאנק׳-טשו-אייט) 1. פונקטירען, שטעלען אבשטעלצייכענס [ווי קאמא (,), פונקט (.), זעמיקאלאן (;) א. ז. וו.]; שטעלען נקודות; 2. אונטערשטרייכען, פערשטארקערען; 3. פונקטירט, געפינטעלט [ווענען אינזעקטען].
2. The orator punctuated his remarks by gestures.
punc'tuated *a.* (פאנק׳-טשו-איי-טעד) אין זאאלאגיע — פונקטירט, געפינטעלט.
punctua'tim *adv.* (פאנק-טשו-איי׳-טים) פונקט נאך פונקט, זיך האלטענדיג אן יעדען פונקט אדער אבשטעלצייכען פון דער פונקטואציאן [ווי קאמא (,), זעמיקאלאן (;) א. ז. וו.].
The work was translated verbatim, literatim and punctuatim.
punctua'tion *n.* (פאנק-טשו-איי׳-שאן) אינטערפונקציאן, פינקטואציאן, פונקטירונג, אבשטעלצייכענס [ווי קאמא (,), פונקט (.), זעמיקאלאן (;) א. ז. וו.]; אין זאאלאגיע — פונקטירונג, געפינטעלטקייט.
punc'tuative *a.* (פאנק׳-טשו-איי-טיוו) וואס איז שייך צו פונקטואציאן אדער אינטערפונקציאן; פונקטירענד, פאנאנדערטיילענד מיט אבשטעלצייכענס.
ז. *punctuation*.
punc'tuator *n.* (פאנק׳-טשו-איי-טאר) א פונקטירער, איינער וואס שטעלט נקודות אדער מאכט פונקטואציאנען.
ז. *punctuation*.
punc'tulate *a.* (פאנק׳-טשו-לייט) דריבנע געפינטעלט.
punc'tulated *a.* (פאנק׳-טשו-ליי-טעד) ז. *punctulate*.
punctula'tion *n.* (פאנק-טשו-ליי׳-שאן) דריבנע פונקטירונג; דאס זיין בעדעקט מיט קליינינקע פונקטען; א רייהע קליינינקע פונקטען.
punc'tule *n.* (פאנק׳-טשול) א קליינינקער פונקט, א פינטעלע אדער איינדריקונג [ביי אינזעקטען].
punc'tulum *n.* (פאנק׳-טשי-לאם) ז. *punctule*.
punctura'tion *n.* (פאנק-טשו-ריי׳-שאן) אין כירורגיע — דאס שטעכען אדער דורכשטעכען [ווי מיט א לאנצעט, נאדעל א. ז. וו.]; אין זאאלאגיע — געפינטעלטקייט, דאס זיין בעדעקט מיט פונקטען אדער קליינע פערטיעפונגען.
punc'ture *n.* and *v.* (פאנק׳-טשור) א שטאך; דאס שטעכען [מיט א לאנצעט, נאדעל א. ז. וו.]; אין זאאלאגיע — א קליינע איינדריקונג אדער פערטיעפונג; שטעכען, א שטאך טהאן.
punc'tureless *a.* (פאנק׳-טשור-לעס) אהן איינדריקונגען אדער פערטיעפונגען, גלאט [ווענען אינזעקטען].

pun'dit *n.* (פאנ׳-דיט) א געלעהרטער בראהמין [אין אינדיען]; א קענער פון דער סאנסקריטישער שפראך, פון די געזעצען און פון דער רעליגיאן פון אינדיען; א געלעהרטער מאן.
pun'donor' *n.* (פאנ׳-דא-נאהר׳) אן עהרענפונקט.
pung *n.* (פאנג) א מין דארפס-שליטען.
pun'gence *n.* (פאנ׳-דזשענס) ז. *pungency*.
pun'gency *n.* (פאנ׳-דזשען-סי) שטעכעדיגקייט; שארפקייט; בייסעדיגקייט; שניידיגקייט.
pun'gent *a.* (פאנ׳-דזשענט) שטעכענד; שארף; שניידענד, בייסענד.
pun'gently *adv.* (פאנ׳-דזשענט-לי) שטעכענד; בייסענד; מיט שארפקייט; מיט שניידיגקייט.
pung'y *n.* (פאנג׳-אי) אזא לייכט שיפעל.
Pu'nic *a.* and *n.* (פיו׳-ניק) פוניש, קארטהאגיש, ווי די איינוואהנער פון דער שטאדט קארטהאגא [אן אמאליגע בעוואוסטע שטאדט אין אפריקא], וועלכע די רוימער האבען כאראקטעריזירט אלס פאלשע און טרייבלאזע מענשען; אונטריי, פעררעטעריש; די קארטהאגישע שפראך.
Pu'nic ap'ple (פיו׳-ניק עפל) א גראנאט-עפעל, א מילגרוים.
puni'ceous *a.* (פיו-ניש׳-יאס) פורפור-רויט [ווי דער קאליר פון א גראנאט-עפעל אדער מילגרוים].
Pu'nic faith (פיו׳-ניק פייטה) פאלשקייט, פעררעטערישקייט. ז. *Punic*.
Pu'nic wars (פיו׳-ניק וואהרז) די פונישע מלחמות [די דריי מלחמות, וועלכע רוים האט אנגעפיהרט געגען קארטהאגא אין די יאהרען פון 264 ביז 146 פאר קריסטוס׳עס געבורט].
pu'niness *n.* (פיו׳-ני-נעס) קליינקייט; שוואכקייט.
pun'ish *v.* (פאנ׳-איש) בעשטראפען, שטראפען; טיכטיג דערלאנגען [ביים פויסטען-קאמפף]; געבען א טיכטיגען יאג דאס פערד ביים וועט-לויפען; געבען א שטארקען ווארף דעם באל ביי ביים-באל שפיעלען; א כאפ געבען א רעכטען חלק.
punishabil'ity *n.* (פאן-איש-ע-ביל׳-אי-טי) שטראפבארקייט; בעשטראפליכקייט.
pun'ishable *a.* (פאנ׳-איש-עבל) בעשטראפליך, שטראפבאר.
pun'ishableness *n.* (פאנ׳-איש-עבל-נעס) בעשטראפליכקייט; שטראפבארקייט.
pun'isher *n.* (פאנ׳-איש-ער) א שטראפער; א בעשטראפער.
pun'ishment *n.* (פאנ׳-איש-מענט) א שטראף, א בעשטראפונג; פערוואונדונג, פערשאפטע שמערצען.
pu'nitive *a.* (פיו׳-ני-טיוו) שטראפענד, בעשטראפענד.
pu'nitive expedi'tion (פיו׳-ני-טיוו עקס-פי-דיש׳-אן) א שטראף-עקספעדיציאן [סאלדאטען געשיקט אין אן אונרוהיגער געגענד אום צו בעשטראפען דיעניגע וואס זיינען שולדיג אין דיא אונרוהען אדער אין דעם אויפשטאנד].
pu'nitive law (פיו׳-ני-טיוו לאה) א שטראף-געזעץ.
pu'nitory *a.* (פיו׳ ני טא רי) ז. *punitive*.
punk *n.* and *a.* (פאנק) צינדער-האלץ [פערפוילטעס טרוקענעס האלץ וואס ווערט בענוצט אלס צינדער-שוואם]; א קינסטליכער צוגעריכטער שטאף וואס ברענט אהן א פלאם; א פראסטיטוטקע, א קורטיזאנקע; וואס טויג אויף כפרות, שלעכט.
pun'ka *n.* (פאנ׳-קא) א פאכער; א ווענטילאטאר.
pun'ky *n.* (פאנ׳-קי) אזא קליינער בייסענדער אינזעקט וועלכער געפינט זיך אין די אדיראנדאק געגענדען און אין די וועלדער פון מיין, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.
pun'ner *n.* (פאנ׳-ער) ז. *punster*.
pun'net *n.* (פאנ׳-עט) א מין פלאכער פרוכט אדער בלומען-קארב.
pun'ning *n.* and *a.* (פאנ׳-אינג) ווארט-שפיעל מאכונג; דאס וויצלען זיך דורך ווארט-שפיעלע; מאכענדיג וויציגע ווארט-שפיעלע.
pun'ster *n.* (פאנ׳-סטער) א ווארט-שפיעל מאכער.
punt *n.* and *v.* (פאנט) א שאוקע [אזא פלאכעס שיפעל וואס ווערט מייסטענס געשיפט מיט דער הילף פון א רודער-שטאנג]; אין פוס-באל שפיעל — דאס געבען א בריק דעם באל איידער ער פאלט אויף דער ערד; א פונקט אין באסעט [אזא קארטען-שפיעל]; פאהרען אין א שאוקע; טרייבען פארווערטס ווי א שאוקע מיט דער הילף פון א רודער-שטאנג; א בריק געבען דעם באל אין פוס-באל שפיעל איידער ער איז נאך אראבגעפאלען אויף דער ערד; פאהרען אויף יאגד אין א שאוקע צו שיסען וואסער-פויגלען; שפיעלען אין באסעט [אזא קארטען-שפיעל].
pun'ter *n.* (פאנ׳-טער) איינער וואס פאנגט פיש אדער וואסער-פויגלען אין א שאוקע [אזא פלאכעס שיפעל]; איינער וואס טרייבט א שיפעל מיט דער הילף פון א רודער-שטאנג; איינער וואס פערצייכענט די פונקטען אין באסעט [אזא קארטען-שפיעל].
punt'-fish'ing *n.* (פאנט׳-פיש׳-אינג) דאס פאנגען פיש אין א שיפעל.
punt'-gun *n.* (פאנט׳-גאן) אזא גרויסע ביקס וואס ווערט בענוצט צו שיסען וואסער-פויגלען פאהרענדיג אין א שאוקע [אזא פלאכעס שיפעל].
puntil'la *n.* (פאנ-טיל׳-א) שפיצען [קרוזשעווע]; שפיצען-עהנליכע דעקאראציאנען.
pun'to *n.* (פאנ׳-טאו) א פונקט [בעזונדערס אין מוזיק-נאטען]; א שטויס אין פעכטען; א נאהט-שטאך מיט דער נאדעל.
punts'man *n.* (פאנטס׳-מען) איינער וואס שיפט זיך אין א שאוקע [אזא פלאכעס שיפעל] צו שיסען וואסער-פויגעל אדער פאנגען פיש.
pu'ny *a.* (פיו׳-ני) קליין, שוואך.
pup *n.* and *v.* (פאפ) א הינטעלע; זיך הינטלען, האבען הינטעלעך.
pu'pa *n.* (פיו׳-פא) די פופע [דאס ווערימעל פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך אן אינזעקט, ווי א שמעטערלינג, א מאט א. ד. ג. אין זיין דריטער פעריאדע].
pu'pal *a.* (פיו׳-פעל) וואס איז שייך צו א פופע. ז. *pupa*.
pu'pate *v.* (פיו׳-פייט) ווערען א פופע, אריינטרעטען אין דעם צושטאנד פון א פופע. ז. *pupa*.
pupe *n.* (פיופ) ז. *pupa*.
pu'piform *a.* (פיו׳-פי-פארם) וואס האט די פארם פון א פופע. ז. *pupa*.
pu'pil *n.* and *a.* (פיו׳-פיל) א שילער, א שילערין, א לעהרלינג; א מינדער-יעהריגער [אין דעם אלטער פון 14 יאהר פאר אינגלען און 12 יאהר פאר מיידלעך], וואס דארף לויט געזעץ האבען אן אפעקון;

דער שוואַרץ=אַפּעל פון אויג; מינדער=יעהריג.

pu'pilage *n.* (פּיו'-פּי-לעדזש) שילער=שטאַנד, די צייט וואָס מען איז אַ שילער; אונמינדיגקייט, מינדער=יעהריגקייט.

pu'pilar *a.* (פּיו'-פּי-לאַר) ז. *pupilary*

pupilar'ity *n.* (פּיו-פּי-לער'-אי-טי) מינדער=יעהריגקייט [דער אַלטער פון 14 יאָהר פאַר אינגלעך און 12 יאָהר פאַר מיידלעך]; שילער=שטאַנד, די צייט וואָס מען איז אַ שילער.

pu'pilary *a.* (פּיו'-פּי-לע-רי) וואָס איז שייך צו אַ מינדער=יעהריגען [וועלכער שטעהט אונטער אַן אַפּעקון]; וואָס געהערט צום שוואַרץ=אַפּעל פון אויג.

pu'pilize *v.* (פּיו'-פּי-לאַיז) אננעהמען שילער, אונטערריכטען.

pu'pillage *n.* (פּיו'-פּי-לעדזש) ז. *pupilage*

pu'pillar *a.* (פּיו'-פּי-לאַר) ז. *pupilary*

pupillar'ity *n.* (פּיו-פּי-לער'-אי-טי) ז. *pupilarity*

pu'pillary *a.* (פּיו'-פּי-לע-רי) ז. *pupilary*

pu'pillize *v.* (פּיו'-פּי-לאַיז) ז. *pupilize*

pup'pet *n.* (פּאַפּ'-עט) אַ טאַנץ=ליאַלקע, אַ דראָט=פּופּע, אַ מאַריאָנעטקע; איינער וואָס טאַנצט נאָך יענעמס דודקע.

pup'petish *a.* (פּאַפּ'-עט-איש) ווי אַ פּאַפּקע, ווי אַ ליאַלקע; געפּוצט.

pup'petman *n.* (פּאַפּ'-עט-מען) אַ קונצען=מאַכער מיט ליאַלקעס, אַ פּופּען=קאָמעדיאַנט, אַ מאַריאָנעטען=שפּיעלער.

pup'pet-play *n.* (פּאַפּ'-עט-פּליי) פּופּען=שפּיעל, מאַריאָנעטען=שפּיעל.

pup'pet-play'er *n.* (פּאַפּ'-עט-פּליי'-ער) ז. *puppetman*

pup'petry *n.* (פּאַפּ'-עט-רי) פּוצעריי, ציערעריי [ווי פון אַ ליאַלקע]; פּופּען=שפּיעל, מאַריאָנעטען=שפּיעל.

pup'pet-show *n.* (פּאַפּ'-עט-שאָו) ז. *puppet-play*

pup'py *n. and v.* (פּאַפּ'-אי) אַ הינטעלע; אַ נאַר, אַ פּוסטער פּראַנט; אַ נאַרישער אינגעל, אַ פּוסטער פּראַנטעל; זיך הינטלען [געבעהרען הינטלעך].

pup'py-dog *n.* (פּאַפּ'-אי-דאָג) אַ הינטעל.

pup'py-head'ed *a.* (פּאַפּ'-אי-העד'-עד) דום, נאַריש.

pup'pyhood *n.* (פּאַפּ'-אי-הוד) די יונגע יאָהרען פון אַ הונד.

pup'pyism *n.* (פּאַפּ'-אי-איזם) פּוצעריי [ווי אַ ליאַלקע], פּוסטע פּראַנטעריי.

pur *v. and n.* (פּויר) צופריעדען בורטשען אָדער ברומען; אַ צופריעדענע בורטשעריי אָדער ברומעריי.

The cat is **purring** as she is lying down near the fireplace.

pur'blind *a.* (פּויר'-בלאַינד) בלינדליך; מיט אַ טונקעלער ראיה.

pur'blindly *adv.* (פּויר'-בלאַינד-לי) בלינדליך, מיט אַ טונקעלער ראיה.

pur'blindness *n.* (פּויר'-בלאַינד-נעס) קורצזיכטיגקייט; בלינדליכקייט, טונקעלקייט פון דער ראיה.

pur'chasable *a.* (פּויר'-טשע-סעבל) קויפבאַר; קויפליך, וואָס מען קען קויפען אָדער ערווערבען.

pur'chase *v. and n.* (פּויר'-טשעס) קויפען; ערווערבען; אויפהויבען דורך אַ הויבעל אָדער וועלכער ניט איז מעכאַנישער קראַפט; ארויפציהען אַ שיפס=אַנקער; דער קויף; דאָס געקויפטע; ערווערבונג; ווערטה; דאָס קויפען אַן אַמט אָדער אַ העכערונג אין ראַנג; דאָס האַלטען עפּעס פעסט און בעקוועם; מעכאַנישע קראַפט; אַ הויבעל; אַ קנאַפּ אין הינטערשטען טייל פון אַ כלי=דעקעל, מיט דער הילף פון וועלכען מען קען עפענען דאָס דעקעל מיט דערזעלבער האַנד, מיט וועלכער מען האַלט דאָס אויערעל פון דער כלי.

pur'chaseable *a.* (פּויר'-טשע-סעבל) ז. *purchasable*

pur'chase-mon'ey *n.* (פּויר'-טשעס-מאַנ'-אי) קויף=געלד.

pur'chase-price *n.* (פּויר'-טשעס-פּראַיס) דער קויף=פּרייז.

pur'chaser *n.* (פּויר'-טשע-סער) אַ קויפער; אַן ערווערבער.

pure *a., n. and v.* (פּיור) 1. ריין, ניט געמישט, לויטער, עכט, ניט בעפלעקט; אונשולדיג, צנוע'דיג; 2. בלויז, נאַר; דורך און דורך; אַבסאָלוט; 3. הינטישע צאָה געברויכט ביים בעאַרבייטען פעל; רייניגען; געברויכען הינטישע צאָה ביים בעאַרבייטען פעל.

1. The garment was made of **pure** wool. 2. It was done out of **pure** spite.

purée' *n.* (פּיו-ריי') אַ זופּ פון פלייש, פיש און געקאָכטע גרינסען אָדער פּרוכטען, וועלכע ווערען דורכגעריבען דורך אַ זיפּ.

pure'ly *adv.* (פּיור'-לי) 1. ריין, עכט, אָהן ביימישונג, אונבעפלעקט; אונשולדיג, צנוע'דיג; 2. פאַלשטענדיג, אַבסאָלוט, דורך און דורך.

2. The loss of his limbs was **purely** accidental.

pure'ness *n.* (פּיור'-נעס) ריינקייט, לויטערקייט, ריינליכקייט; אונשולדיגקייט, ריינקייט פון זינד.

pur'fle *v. and n.* (פּוירפל) מאַכען אַ בעציערטען ראַנד, ארומלעגען ביים ברעג, בעברעמען [מיט שטיקעריי, מיט פוטער, מיט טייערען האָלץ, מיט עלפאַנטביין א. ז. וו.]; צייכנען אין פּראָפיל; ארומזוימען; אַ בעציערטער ראַנד [הויפּטזעכליך מיט שטיקעריי].

pur'fling *n.* (פּויר'-פלינג) בעציערטע ראַנדען אויף פידלען און אַנדערע עהנליכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען.

pur'fly *a.* (פּויר'-פלי) געקנייטשט, מיט קנייטשען.

He is a large, **purfly**, flabby man.

pur'gament *n.* (פּויר'-גע-מענט) אַן אַבפיהרונגס=מיטעל, אַ רייניגונגס=מיטעל; אָבפאַל, אויסוואורף.

purga'tion *n.* (פּויר-גיי'-שאָן) רייניגונג; אַבפיהרונג [פון מאָגען]; ריינוואַשונג פון אַ בעשולדיגונג [אין די אַלטע צייטען. די ריינוואַשונג פלעגט פאָרקומען אויף צוויי אופנים: אָדער דורך דעם וואָס דער בעשולדיגטער מיט זיינע עדות פלעגען שווערען, אַז ער איז אונשולדיג, אָדער דורך גאָט'ס משפּט. ז. *ordeal*].

pur'gative *a. and n.* (פּויר'-גע-טיוו) רייניגענד; אַבפיהרענד [פון מאָגען]; רייניגענד אָדער אויסקויפענד אַ בעשולדיגונג [אין די אַלטע צייטען — ווענען די פייניגונגען בעת אַ משפּט, ווען דער בעשולדיגטער האָט אונטער די פייניגונגען געענטפערט די פראַגען אויף אַ צופרידענשטעלענדען אופן און דערמיט בעוויזען אַז ער איז ריין]; אַן אַבפיהרונגס=מיטעל.

pur'gatively *adv.* (פּויר'-גע-טיוו-לי) רייניגענדיג; אַבפיהרענדיג.

purgato'rial *a.* (פּויר-גע-טאָו'-רי-על) רייניגענד, אויסקויפענד די זינד; וואָס איז שייך צום פּלאַץ אין גיהנם, וואו מען ווערט דורך פייער גערייניגט פון זינד [לויט דעם גלויבען פון די קאַטוילּיקען], אָדער צום רייניגונגס=פייער אין גיהנם.

purgato'rian *a. and n.* (פּויר-גע-טאָו'-רי-ען) רייניגענד, אויסקויפענד די זינד; וואָס איז שייך צום פּלאַץ אין גיהנם, וואו מען ווערט [לויט דעם גלויבען פון די קאַטוילּיקען] דורך פייער גערייניגט פון זינד, אָדער צום רייניגונגס=פייער אין גיהנם; איינער וואָס גלויבט אין דעם רייניגונגס=גיהנם=פייער.

purgato'rious *a.* (פּויר-גע-טאָו'-רי-אָס) וואָס איז שייך צום רייניגונגס=פייער אין גיהנם [לויט דעם גלויבען פון די קאַטוילּיקען]. ז. *purgatory*

pur'gatory *a. and n.* (פּויר'-גע-טאָ-רי) רייניגענד, רייניגענד פון זינד; לויט דעם גלויבען פון די קאַטוילּיקען — אַ פּלאַץ אין גיהנם, וואו די נשמות ווערען געלייטערט פון זינד דורך פייער; אַ פּלאַץ, וואו מען ליידט צייטווייליג.

purge *v. and n.* (פּוירדזש) רייניגען, לייטערען; זיך רייניגען, זיך לייטערען; ריין מאַכען פון אַ בעשולדיגונג אָדער פערדאַכט; אַבפיהרען [רייניגען דעם מאָגען]; נעהמען אַן אַבפיהרונגס=מיטעל; ריין ווערען אָדער לויז ווערען פון געוויסע גאַזען [ווענען טייכען און אַזערעס]; רייניגונג, לייטערונג; אַ רייניגונגס=מיטעל; אַן אַבפיהרונגס=מיטעל.

purge away' (פּוירדזש ע-הוויי') בעזייטיגען, אויסרייניגען.

purge off (פּוירדזש אָף) ז. *purge away*

pur'ger *n.* (פּויר'-דזשער) איינער אָדער עטוואָס וואָס רייניגט; אַ רייניגונגס=מיטעל; אַן אַבפיהרונגס=מיטעל.

pur'ging *n.* (פּויר'-דזשינג) די רייניגונג; לויז=לייביגקייט, מאָגען=שוואַכקייט.

purifica'tion *n.* (פּיו-רי-פּי-קיי'-שאָן) דאָס לייטערען [פון זינד]; דאָס מאַכען ריין [בנוגע צו די רעליגיעזע צערעמאָניעס ווענען טהרות]; רייניגונג, לייטערונג; אין דער קאַטוילּישער און אַנגליקאַנישער קירך — דאָס אויסשווענקען דעם בעכער מיט וויין ביים הייליגען אָבענדמאָהל [דער וויין ווערט נאָכדעם אויסגעטרונקען פון גלח]:

pu'rificative *a.* (פּיו'-רי-פּי-קיי-טיוו) רייניגענד.

pu'rificator *n.* (פּיו'-רי-פּי-קיי-טאָר) אין דער קאַטוילּישער און אַנגליקאַנישער קירך — אַ טישטיכעל אויסצואַווישען די כלים און דעם גלח'ס הענד ביים הייליגען אָבענדמאָהל.

pu'rificatory *a. and n.* (פּיו'-רי-פּי-קיי-טאָ-רי) רייניגענד; אַ טישטיכעל געברויכט ביים קריסטליכען הייליגען אָבענדמאָהל. ז. *purificator*

pu'rifier *n.* (פּיו'-רי-פּאַי-ער) אַ רייניגער, אַ לייטערער; דאָס טישטיכעל וואָס ווערט געברויכט צום אויסווישען די כלים און דעם גלח'ס הענד ביים הייליגען אָבענדמאָהל. ז. *purificator*

pu'riform *a.* (פּיו'-רי-פאָרם) עהנליך צו אייטער [מאַטעריע].

pu'rify *v.* (פּיו'-רי-פאַי) רייניגען, לייטערען; מטהר זיין; ווערען ריין אָדער געלייטערט.

Pu'rim *n.* (פּיו'-רים) פּורים [דער אידישער יום טוב דעם 14טען אדר].

pur'ism *n.* (פיור'-איזם) פוריזם, ריינקייט, די שטרעבונג צו נעברויכען א ריינע, ניט געמישטע שפראך און שעהנע אויסדריקע.

pur'ist *n.* (פיור'-איסט) א פוריסט, א מדקדק אין דער ריינקייט פון דער שפראך, איינער וואס געברויכט א ריין ליטעראַרישע שפראך.

puris'tic *a.* (פיו-ריס'-טיק) פוריסטיש, ריין פון פרעמדע ביימישונגען [וועגען א שפראך], וואס איז מדקדק אין דער ריינקייט פון דער שפראך.

puris'tical *a.* (פיו-ריס'-טי-קעל) ז. *puristic*.

pu'ritan *n.* (פיו'-רי-טען) איינער וואס איז זעהר שטרענג אבגעהיט אין זיין רעליגיעזען לעבען; איינער וואס שטרעבט צו גרויס ריינקייט אין לעבען, א פרוש.

Pu'ritan *n. and a.* (פיו'-רי-טען) א פוריטאנער [א מיטגליעד פון א געוויסער פראטעסטאנטישער קריסטליכער סעקטע, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין ענגלאנד אין 16טען יאהרהונדערט און וועלכע האט געמאכט פאר איהרע הויפט־פרינציפען: די פרייהייט פון געוויסען, פאלקסרעכט, די איינפיהרונג פון איינפאכער גאטעסדיענסט אין די קירכען אהן די פערשיעדענע צערעמאניעס און די שטרענגע אבהיטונג פון מאראל. פיעל פון דיזער סעקטע האבען אויסגעוואנדערט קיין אמעריקא און האבען זיך בעזעצט אין די ניי־ענגלאנד שטאאטען. זיי רעכענען זיך אלס די עכטע אמעריקאנער]; אן איינוואהנער פון די ניי־ענגלאנד שטאאטען אין אמעריקא; פוריטאניש, פון די פוריטאנער.

Puritan'ic *a.* (פיו-רי-טענ'-איק) וואס איז שייך צו די פוריטאנער און צו זייערע לעהרען. ז. *Puritan*.

puritan'ic *a.* (פיו-רי-טענ'-איק) זעהר שטרענג אין רעליגיעזע ענינים; וצדקתך'דיג.

Puritan'ical *a.* (פיו-רי-טענ'-אי-קעל) ז. *Puritanic*.

puritan'ical *a.* (פיו-רי-טענ'-אי-קעל) ז. *puritanic*.

puritan'ically *adv.* (פיו-רי-טענ'-אי-קעל-אי) אויף א פוריטאנישען אופן, לויט די מנהגים פון די פוריטאנער. ז. *Puritan*.

pu'ritanism *n.* (פיו'-רי-טענ-איזם) פוריטאניזם, שטרענגקייט און אויסנעהאלטענקייט אין רעליגיעזען לעבען; די לעהרען און די פרינציפען פון די פוריטאנער. ז. *Puritan*.

Pu'ritanize *v.* (פיו'-רי-טענ-איז) בעקעהרען צום פוריטאניזם.

pu'rity *n.* (פיו'-רי-טי) ריינקייט; אונשולדיגקייט, ריינקייט אין מדות.

purl *v. and n.* (פוירל) ווירבלען, דרעהען אין דער רונד; זיך קרייזלען, זיך ווירבלען; רוישען אדער מורמלען ווי א טייכעל וואס פליסט צווישען אדער איבער שטיינער; בעפוצען דעם ראנד מיט קרוזען, פראנזען אדער שפיצען; מאכען א זוים, בעזוימען; אומשטירצען, אומוואַרפען, איבערקעהרען [ווי א צואווילדעוועט פערד], איבערדרעהען; ארויפוויקלען פאדים אויף א שפולקע אדער שפינדעל; א גערויש, א געמורמעל ווי פון א שטראמיגען טייכעל; א וואסער ווירבעל; א ראנד פון שפיצען [קרוזשעווע] אדער פראנזען; א ספיראל פון גאלד אדער זילבער־דראט; א פאלט [פאלב] אין א קליידער־שטיק; א זארט שפיצען [קרוזשעווע]; ווארעם־ביער [אזא געטראנק, וועלכער בעשטעהט פון ביער מיט א ביימישונג פון צוקער, אינגבער און וואכאלדער בראנפען].

purl'-goods *n.* (פוירל'-גודז) מאשינגעמאכטע שפיצען [קרוזשעווע].

purl'-house *n.* (פוירל'-האוס) א שענק וואו ווארעם־ביער ווערט פערקויפט און געטרונקען. ז. *purl*.

pur'lieus *n.* (פויר'-ליוז) די גרענעצען פון אן ארט אדער אומגעגענד; די ארומיגע פלעצער אדער אומגעגענדען; די גרענעצען־בעצירקען.

pur'lin *n.* (פויר'-לין) א האריזאנטאלער שטיץ־באלקען פאר א דאך; א קווער־באלקען פון א דאך.

pur'line *n.* (פויר'-לין) ז. *purlin*.

purl'man *n.* (פוירל'-מען) א פערקויפער פון ווארעם־ביער. ז. *purl*.

purloin' *v.* (פויר-לאין') אוועקלאטכענען, אוועק'גנב'ענען; זיך פערנעהמען מיט גנבה.

purloi'ner *n.* (פויר-לאי'-נער) א גנב.

pur'ple *n., a. and v.* (פוירפל) פורפור־פארב, פורפור־קאליר [א פארב וואס בעקומט זיך פון א מישונג פון רויט און בלוי]; א פורפור־קלייד, א פורפור־מאנטעל [אלס א קעניגליכער מלבוש]; די קעניגליכע אדער קייזערליכע מאכט; די קארדינאל־ווירדע [די פאפסטליכע קארדינאלען טראגען פורפור־מאנטלען]; פורפור־רויט, פון פורפור־קאליר; קעניגליך; פארבען פורפור־רויט; צוגעבען א פורפור־קאליר; ווערען פורפור־פארביג, בעקומען א פורפור־קאליר.

pur'ple fe'ver (פוירפל פי'-ווער) פלעקפיבער, טיפוס.

pur'ple finch (פוירפל פינטש) דער פורפור־פינק [אזא רויטער פויגעל]. ז. איל. *"Birds of the United States"*

pur'ple-heart *n.* (פויר'פל-הארט) ז. *purple-wood*.

pur'ple mar'tin (פוירפל מאר'-טין) אזא אמעריקאנער בלוי־שווארצע שוואלב.

pur'ple of Amor'gos (פוירפל אוו ע-מאר'-גאס) א געוויסע פורפור־פארב, וועלכע מען פלעגט בעקומען פון דעם גריכישען אינזעל אמארגאס.

pur'ple of Cas'sius (פוירפל אוו קעש'-אס) קאסיוס'ע גאלד־פורפור [א געוויסע דויערהאפטע פורפור־פארב].

pur'ples *n.* (פוירפלז) פורפור־פריעזעל [אזא קראנקהייט פון וועלכער די הויט ווערט אויסגעשלאגען אין רויטע פלעקען]; אזא קראנקהייט פון ווייץ, וועלכע ווערט פעראורזאכט פון א געוויסען ווארים; א מין ארכידען־בלומען, וואס בליהען אין פרידען פריהלינג.

pur'ple-wood *n.* (פויר'פל-הוואוד) פורפור־האלץ [אזא זארט האלץ וואס וואקסט מייסטענס אין בראזיליען].

pur'port *n. and v.* (פויר'-פאורט) אן אינהאלט, א זין, א בעדייטונג; בעדייטען, מיינען.

pur'portless *a.* (פויר'-פאורט-לעס) זינלאז, אינהאלטסלאז.

pur'pose *v. and n.* (פויר'-פאס) האבען אין זינען, האבען בדעה, בעאבזיכטיגען, בעצוועקען, זיך פערנעהמען; אן אבזיכט; א צוועק; א ציעל; א כונה; א זין; אן אינהאלט; א בעשלוס, א בעשטימונג.

pur'poseful *a.* (פויר'-פאס-פול) מיט אבזיכט; מיט א בעשטימטען צוועק; מיט א מיין.

pur'posefully *adv.* (פויר'-פאס-פול-אי) אבזיכטליך, מיט אבזיכט.

pur'posefulness *n.* (פויר'-פאס פול-נעס) בעצוועקונג; צוועקמעסיגקייט.

pur'poseless *a.* (פויר'-פאס-לעס) צוועקלאז; נוצלאז.

pur'poselessly *adv.* (פויר'-פאס-לעס-לי) אויף א צוועקלאזען אדער נוצלאזען אופן.

pur'poselessness *n.* (פויר'-פאס-לעס-נעס) צוועקלאזיגקייט; נוצלאזיגקייט.

pur'pose-like *a.* (פויר'-פאס-לאיק) צוועקמעסיג; פראקטיש; וואס האט א בעשטימטען צוועק; וואס זעהט אויס ווי צוגעפאסט צו א בעשטימטען צוועק.

pur'posely *adv.* (פויר'-פאס-לי) אבזיכטליך, בכיוון, אומיסטנע.

pur'poser *n.* (פויר'-פאס-ער) איינער וואס האט אן אבזיכט אדער וואס פאסט א בעשלוס; איינער וואס שלאגט עפעס פאר.

purprise' *n.* (פויר-פראיז') אן איינגעשלאסענער פלאץ, אן אבגעגרענעצט ארט.

pur'pura *n.* (פויר'-פיו-רא) פורפור־פריעזעל [אזא קראנקהייט פון וועלכער די הויט פון קערפער ווערט אויסגעשלאגען אין רויטע פלעקען].

Pur'pura *n.* (פויר'-פיו-רא) דער מין פורפור־שנעקען [אזא מין שנעקען וועלכע לאזען ארויס פון זיך א פורפור־פארביגע פליסיגקייט].

purpura'ceous *a.* (פויר-פיו-ריי'-שיאס) פון א פורפור־קאליר.

pur'purate *a. and n.* (פויר'-פיו-רייט) פון א פורפור־קאליר; וואס פראדוצירט א פורפור־קאליר; וואס איז שייך צו פורפור־פריעזעל [ז. *purpura*]; פורפוראט [א מין כעמישער זאלץ].

purpu'real *a.* (פויר-פיו'-רי-על) פורפור־פארביג; פורפור־רויט.

purpu'ric *a.* (פויר-פיו'-ריק) וואס האט א פורפור־קאליר; וואס פראדוצירט א פורפור־קאליר [בעזאנדערס וועגען געוויסע כעמישע פערבינדונגען]; וואס איז שייך צו פורפור־פריעזעל [ז. *purpura*];

pur'purin *n.* (פויר'-פיו-רין) ז. *purpurine*.

pur'purine *n.* (פויר'-פיו-רין) פורפורין [אזא כעמיש־צונויפגעזעצטע פורפור־פארב, וועלכע ווערט בענוצט אין פארבען קליידער־שטאף].

purr *v. and n.* (פויר) צופריעדען בורטשען ווי א קאץ; דאס צופריעדענע בורטשען פון א קאץ; אזא מאלוסק וועלכער געפינט זיך ביים ברעג פון די אייראפעאישע וואסערען; אזא שטראנד־לויפער [אזא פויגעל מיט א לאנגען שנאבעל. ז. *dunlin*].

purre *n.* (פויר) אזא שטראנד־לויפער [אזא פויגעל]. ז. *dunlin*.

pur'ree *n.* (פאר'-אי) דאס אינדיש־געלב [א מין פארב].

pur'ring *n.* (פויר'-אינג) דאס צופריעדענע בורטשען פון א קאץ.

purse *n. and v.* (פוירס) א בייטעל, א געלד־בייטעל; געלד־מיטעל, געלד־קוועלען; פינאנסען; די קאזנא; א בייטעל געלד [א געוויסע געלד־סומע]; א סומע פון 500 פיאסטער אין טערקיי; אין אנאטאמיע — דער בייטעל ביי די בייטעל־טהיערע; דער אייער־בייטעל ביי א זכר; אריינלעגען אין א בייטעל; צונויפציהען, צוזאמענציהען.

purse'-bear'er *n.* (פוירס׳-בעהר׳-ער) איינער וואס היט דעם צווייטענס געלד־בייטעל.

purse'-boat *n.* (פוירס׳-באוט) א נעווי־סע שיף ביי פישער.

purse'-crab *n.* (פוירס׳-קרעב) אזא גרויסער צעהן־פיסיגער קרעבס [ראק], וועלכער געפינט זיך מייסטענס ביי די ברעגען פון די מזרח־אינזלען אין אינדישען אקעאן].

Purse-crab

purse'-cut'ter *n.* (פוירס׳-קאט׳-ער) א בייטעל־שניידער [א גנב].

purse'ful *a.* and *n.* (פוירס׳-פול) רייך; אזוי פיעל וויפיעל אין בייטעל קען אריין.

purse'-net *n.* (פוירס׳-נעט) א נעץ וואס קען זיך צוזאמענציהען ביי דער עפנונג ווי א בייטעל מיט א שנירעל.

purse'-pinched *a.* (פוירס׳-פינטשט) מיט א לעדיגען בייטעל, ארעם.

purse'-pride *n.* (פוירס׳-פראיד) ביי־טעל־שטאלצקייט, די גאוה אדער די חוצפה וואס נעהמט זיך פון האבען פיעל געלד.

purse'-proud *a.* (פוירס׳-פראוד) שטאלץ אויף׳ן בייטעל; וואס שטאלצירט מיט זיין רייכטום.

pur'ser *n.* (פויר׳-סער) דער צאהל־מייס־טער אדער קאזנאטשיי פון א שיף.

pur'sership *n.* (פויר׳-סער-שיפ) דאס אמט פון א צאהלמייסטער אדער קאזנא־טשיי אויף א שיף.

purse'-seine *n.* (פוירס׳-סיין) א נעץ וואס איז צונויפגעלעגט אדער אויסגע־פלאכטען ווי א בייטעל.

purse'-silk *n.* (פוירס׳-סילק) א זארט שטארקע זיידענע פאדים וואס ווערט בע־נוצט צו שטריקען בייטלען און אויך פאר אנדערע זארטען שטריקערייי און העפ־טעריי.

purse'-strings *n.* (פוירס׳-סטרינגז) די בייטעל־שנירלעך, די שנירלעך מיט וועל־כע מען בינדט צו אדער מען ציהט צו־נויף א בייטעל.

purse'-ta'king *n.* (פוירס׳-טיי׳-קינג) בייטעל־שניידערייי; דאס גנב׳ענען, דאס בעראבעווען.

purse up (פוירס אפ) צונויפציהען אין פאלטען [ווי א בייטעל], אנקנייטשען, צונויפקארטשען.

purse up the brow (פוירס אפ טהי בראו) קנייטשען דעם שטערען, זיין אנגע־כמורעט.

purse up the mouth (פוירס אפ טהי מאוטה) פערציהען [מיט פעראכטונג] די ליפען.

pur'siness *n.* (פויר׳-סי-נעס) דאס זיין אויפגעשוואלען; דאס האבען א קורצען אטהעם.

purs'lane *n.* (פוירס׳-לען) פארטולאק [א מין גראז מיט קליינע געלבע בלי־טהען, וואס וואקסט אין דרום־אייראפא און בכלל אין ווארימע לענדער. ווערט גע־ברויכט אלס פאטראווע צו זופ און אויך אין סאלאט].

pursu'able *a.* (פויר-סיו׳-עבל) וואס קען נאכגעפאלגט אדער פערפאלגט ווערען.

pursu'ance *n.* (פויר-סיו׳-ענס) די פער־פאלגונג, די פארטזעצונג, די אנהאלטונג [פון א זאך].

pursu'ant *a.* (פויר-סיו׳-ענט) צו פאל־גע, לויט, געמעס, לפי.

pursue' *v.* (פויר-סיו׳) פערפאלגען, פארטזעצען, אנהאלטען [א זאך]; נאכ־פאלגען, נאכגעהן; זוכען; פערפאלגען, יאַ־גען.

pursu'er *n.* (פויר-סיו׳-ער) א פערפאל־גער; איינער וואס יאגט זיך נאך עפעס צו דערגרייכען עס.

pursuit' *n.* (פויר-סיוט׳) די פערפאלגונג, די נאכיאגונג; דאס זוכען; די בעשטרע־בונג; די זאך אדער דער געגענשטאנד, נאך וועלכען מען יאגט זיך אדער צו וועל־כען מען שטרעבט.

pur'suivant *n.* (פויר׳-סהווי-וואנט) דער געהילף פון א העראלד אדער קוריער; א קריעגס־קוריער פון קעניג.

pur'sy *a.* (פויר׳-סי) שווער־אטהעמדיג [פון פעטקייט אדער דיקקייט]; מיט א קורצען אטהעם.

pur'tenance *n.* (פויר׳-טע-נענס) די פּאטראכע, די מנוסע [די אינגעווייד פון קעלבער, שעפסען א. ז. וו.].

pu'rulence *n.* (פיו׳-רו-לענס) די איי־טערונג פון א וואונד; דאס אויסבילדען זיך פון מאטעריע אדער פלאגמע אין א וואונד.

pu'rulency *n.* (פיו׳-רו-לענ-סי) ז. *purulence*.

pu'rulent *a.* (פיו׳-רו-לענט) אייטערדיג; וואס בעשטעהט פון אדער וואס איז ענה־ליך צו אייטער אדער מאטעריע [פון א וואונד].

pu'rulently *adv.* (פיו׳-רו-לענט-לי) ארויסלאזענדיג אייטער אדער מאטעריע.

purvey' *v.* (פויר-וויי׳) פערזארגען מיט עפעס; בעזארגען; שאפען; אנגרייטען פראוויזיע פאר א צאהל מענשען.

purvey'ance *n.* (פויר-וויי׳-ענס) די פערזארגונג אדער שאפונג פון לעבענס־מיטעל; פראוויזיע, די אנגעגרייטע לע־בענסמיטלען.

purvey'or *n.* (פויר-וויי׳-אר) א שפייז־ליפערער, א שפייז־פערזארגער; א פאק־טאר פון נקבות, איינער וואס שטעלט צו פראסטיטוטקעס.

pur'view *n.* (פויר׳-וויו) דער ווירקונגס־קרייז פון א געזעץ, פון א מאכט א. ז. וו.; דער הויפט־זאץ פון א געזעץ אדער סטא־טוט.

pus *n.* (פאס) אייטער, מאטעריע [פון א געשווירן].

push *v.* and *n.* (פוש) שטויסען, שטו־פען, דרענגען; דריקען, בעלעסטיגען; שטעלען אין פערלעגענהייט; זיין אין א קריטישער לאגע; זיין צודרינגליך; אנ־גרייפען, אנפאלען; אונטערטרייבען; שטויסען פאָרווערטס; א שטויס, א טריב, אן אנטרייב; אן אנגריף, אן אנפאל; אנ־שטרענגונג, ענערגיע; אונטערנעהמונגס־גייסט; די קנאפקע וואס מען דריקט אן אום צו עפענען אדער שליסען אן עלעק־טריישען שטראם.

push a bold face (פוש ע באולד פייס) קוקען דרייסט, קוקען גלייך אין די אויגען אריין.

push about' (פוש ע-באוט׳) ארומ־שטויסען.

push aside' (פוש ע-סאיד׳) לאזען אונבעאכטעט; לעגען אן א זייט.

push back (פוש בעק) אבשטויסען, אבווארפען; פערטרייבען צוריק.

push'-cart *n.* (פוש׳-קארט) א שטופ־וועגעלע [א קליין וועגעל אויף צוויי רע־דער, וואס ווערט בענוצט פון פרוכט־הענד־לער, פעדלערס א. ד. ג.].

Push-cart

push down (פוש דאון) ארונטערשטוי־סען.

pushed for mon'ey (פושט פאר מאני׳-אי) נעדריקט אין געלד.

push'er *n.* (פוש׳-ער) א שטויסער, א טרייבער; עטוואס וואס שטויסט אדער שטופט עפעס ארויס.

push for a thing (פוש פאר ע טהינג) עפעס וועלען האבען, נאך עפעס שטרעבען.

push'ing *a.* (פוש׳-אינג) וואס שטופט זיך פאָרווערטס אין געשעפט; מיט אן אונטערנעהמענדען גייסט און ענערגיע; וואס שטופט זיך, וואס שטעלט זיך ארויס.

push'ingly *adv.* (פוש׳-אינג-לי) מיט א שטארקער ענערגיע; מיט א גרויסען אונ־טערנעהמונגס־גייסט [אין געשעפט].

push off (פוש אף) אבשטויסען, אבשטו־פען, אברוקען.

push on (פוש אן) אונטערטרייבען, אונ־טערשטופען; רוקען פארווערטס; זיך שטו־פען, זיך רוקען פארווערטס.

push on! (פוש אן) פארווערטס!

push out (פוש אוט) ארויסשטויסען, ארויסשטופען.

push'-pin *n.* (פוש׳-פין) א קינדער־שפיעל, ביי וועלכען שפילקעס ווערען גע־רוקט פארווערטס, איינע איבער דער אנ־דערער.

pusillanim'ity *n.* (פיו-סי-לע-נימ׳-אי-טי) קליין־מוטיגקייט, שרעקעדיגקייט, שוואכהערציגקייט.

pusillan'imous *a.* (פיו-סי-לענ׳-אי-מאס) קליינמוטיג, שרעקעדיג, וויכהערציג.

pusillan'imously *adv.* (פיו-סי-לענ׳-אי-מאס-לי) אויף א פחדנ׳ישען, וויכהער־ציגען אדער שרעקעדיגען שטייגער.

pusillan'imousness *n.* (פיו-סי-לענ׳-אי-מאס-נעס) ז. *pusillanimity*.

pus'ley *n.* (פאס׳-לי) ז. *purslane*.

puss *n.* (פוס) א קעצעלע; א האז; א מין מאיל אדער פליגעלע; קעצעלע [א צערט־ליכער נאמען פאר א קינד אדער יונגע פרוי].

pus'sly *n.* (פאס׳-לי) ז. *purslane*.

pus'sy *n.* (פוס׳-אי) א קעצעלע.

pus'sy *a.* (פאס׳-אי) פול מיט אייטער אדער פליאגמע.

pus'sy-cat *n.* (פוס׳-אי-קעט) א קעצע־לע; דאס שפיעל אין טשיזשיקעס [א קינדער־שפיעל, וואו א קליין פלעקעל מיט פערשפיצטע ענדען ווערט געלעגט אויף דער ערד און מיט א שטעקעל קלאפט מען עס אב. ווען דאס פלעקעל שפרינגט אויף פון דעם קלאפ, דארף מען עס מיט דעם שטעקעל א צווייטען מאל אבקלאפען].

pus'sy-wil'low *n.* (פוס'אי הוויל'-או) די אמעריקאנישע איווא [א קליין אמע־ריקאנער בוימעל אדער קוסט, וואס וואקסט אין פייכטע זומפיגע ערטער].

pus'tular *a.* (פאס'-טשו-לאר) קרעציג; בערעקט מיט קרעצלעך אדער פרישטשע־קעס; אין באטאניק און זאאלאגיע — בע־דעקט מיט קליינע בלעזלעך.

pus'tulate *v. and a.* (פאס'-טשו-לייט) זיך בערעקן מיט בלאטערן אדער פריש־טשיקעס; ווערן קרעציג; אין באטאניק — בערעקט מיט קליינע בלעזלעך.

pus'tule *n.* (פאס'-טשול) א פרישטשיק, א געשווירעל; אין זאאלאגיע — א בלע־זעל אויף דער הויט ווי א בלאטער; א קליינער פלעק אויף'ן לייב.

pus'tulous *a.* (פאס'-טשו-לאס) פריש־טשעדיג, קרעצעריג, בערעקט מיט פריש־טשיקעס אדער קרעצלעך.

put *v. and n.* (פוט) לעגען, זעצען, שטע־לען; אוועקלעגען, איינשטעלען; פערוועג־דען, געברויכען; געבען עפעס אימעצען, איינפערטרויען; פארלעגען; פעראורזא־כען, לאזען מאכען, ארויסברייננגען; נוי־טיגען; נויטען, צווינגען; טרייבען, בעוועגען; מאכען א וועט, וועטען זיך; בע־הויפטען, ארויסזאגען; געהן שנעל, איילען; זיך ווענדען; א שטויס, א שטופ; א ווארף; א מין קארטען־שפיעל; א קאנ־טראקט, לויט וועלכען איינער פערפליכ־טעט זיך צו קויפען פון צווייטען געוויסע סחורות אין א שפעטעריגער צייט אויף א פריהער־אבגעמאכטען פרייז.

put a bold face on (פוט ע באולד פיים אן) זיך מאכען קוראזש.

put about' (פוט ע-באוט') 1. קירעווען [א שיף]; ענדערען די ריכטונג; זיך אומקעהרען; 2. שטעלען אין אן אונאנ־גענעהמליכקייט; 3. פובליצירען; פערע־פענטליכען, לאזען צירקולירען.

2. He was much **put about** by that occurrence.

pu'tage *n.* (פיו'-טעדזש) אין געזעצגע־בונג — ניאוף, פראסטיטוציאן [פון א פרויענצימער].

puta'men *n.* (פיו-טיי'-מען) אין באטא־ניק — די הארטע שאלעכץ פון א פרוכט־ביינדעל [ווי די שאלעכץ פון א נוס, פון א קארשען אדער פלוימען־ביינדעל א. ד. ג.]; דאס ווייכע הייטעל פון אן איי אונ־טער דער שאלעכץ.

putam'inous *a.* (פיו-טעמ'-אי-נאס) וואס איז שייך צו דער הארטער שאלעכץ פון א פרוכט־ביינדעל; וואס איז שייך צום ווייכען הייטעל פון אן איי אונטער דער שאלעכץ. ז. *putamen*.

put an end to (פוט ען ענד טו) מא־כען א סוף צו עפעס; פערניכטען, אומ־ברייננגען, טויטען.

pu'tanism *n.* (פיו'-טע-ניזם) פראסטי־טוציאן, צולאזענקייט, אויסגעלאסענקייט [פון א פרויענצימער].

put apart' (פוט ע-פארט') אבלעגען אן א זייט, שטעלען בעזונדער.

put aside' (פוט ע-סאיד') לעגען אין א זייט, לאזען אונבעאכטעט.

put a stop to (פוט ע סטאפ טו) אב־שטעלען, פערהאלטען.

puta'tion *n.* (פיו-טיי'-שאן) דאס בע־טראכטען, דאס בעטראכטען עפעס אלס...; דאס אורטיילען; דאס ארומשניידען די צווייגען פון בויימער אדער קוסטעס.

pu'tative *a.* (פיו'-טע-טיוו) וואס ווערט בעטראכט אלס...; וועלכען מען רעכענט אדער מען האלט אלס...

put away' (פוט ע-הוויי') אבשאפען; פערווארפען; דערווייטערען; אבזאגען זיך פון...; אוועקלעגען אן א זייט.

put back (פוט בעק) שטע־הינדערען, שטע־רען; אבלעגען; אומקעהרען אדער אוועק־שטעלען אויף דעם פריהעריגען פלאץ; דרעהען צוריק די ווייזערס פון א זייגער; ניט אננעהמען, זאגען אויף עפעס "ניין".

put by (פוט באי) אבקעהרען; אבווענדען, בעהאלטען, אבשפארען; אבווארפען אן א זייט.

putchuck' *n.* (פא-טשאק') דער קאסט־ווארצעל [דער ווארצעל פון א שמעקענ־דען אסט־אינדישען גראז. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

put down (פוט דאון) אונ־ארא־בדריקען, אונטערדריקען; דעגראדירען, ארונטערזעצען פון אמט, פערמינדערען אין ווערטה, עהרע א. ד. ג.; בייקומען; אונטערווארפען; פערמאכען דאס מויל; ארייננשרייבען [איינעמס נאמען] אין א סובסקריפ־ציאנס־ליסט אדער אין א פראגראם.

pu'teal *n.* (פיו'-טי-על) אן ארומגעבוי־טער צאם אדער פארקאן ארום א ברונען, כדי מען זאל ניט אריינפאלען אין איהם.

put fair (פוט פעהר). אנבאטען אנשטענ־דיג; געבען א פאסענדען מקח.

put for (פוט פאר) ארויסטרעטען צו־ליעב עפעס מיט ענטשלאסענהייט און ענערגיע.

put forth (פוט פאורטה) ארויסשטרע־קען; ארויסברייננגען, ארויסשפראצען; אנ־שטרענגען, זעצען אין טהעטיגקייט; פאר־לעגען; ארויסלאזען, ארויסגעבען, פובלי־צירען; פערעפענטליכען.

put for'ward (פוט פאר'-הווארד) אויפ־הויבען צו א העכערער שטעלע אדער ראנג; איבעררוקען פארווערטס די ווייזערס פון א זייגער.

put heads togeth'er (פוט העדז טו־געטה'-ער) זיך צוזאמען בעראטהען.

pu'tid *a.* (פיו'-טיד) געמיין, נידריג, שענדליך, עקעלדיג.

put in (פוט אין) אריינ־אריינלעגען, אריינ־שטעלען, אריינטהאן; אריינזעגלען [אין א האפען]; אריינגעהן; צושטעלען [אן ענטפער געגען א טענה]; אריינזעצען אין אמט; אריינגעהן; אריינמישען.

put in a fret (פוט אין ע פרעט) רייצען, בייז מאכען.

put in a fright (פוט אין ע פראיט) אנווארפען א מורא.

put in an appear'ance (פוט אין ען ע-פיער'-ענס) ערשיינען [פאר א גע־ריכט]; זיך לאזען זעהן.

put in a pas'sion (פוט אין ע פעש'-אן) ארייננברייננגען אימעצען אין כעס.

put in a word for (פוט אין ע הווירד פאר) זאגען א גוט ווארט פאר איינעם.

put in bail (פוט אין בייל) לעגען ערבות, געבען גאראנטיע.

put in for (פוט אין פאר) פאדערען א רעכט אדער פריווילעגיע אויף עפעס.

put in hand (פוט אין הענד) נעהמען עפעס אין דער ארבייט.

put in i'rons (פוט אין אי'-ערנז) אנ־טהאן קייטען.

put in march (פוט אין מארטש) אין בעוועגונג ברייננגען, שטעלען אין גאנג.

put in mind (פוט אין מאינד) דערמא־נען.

put in mo'tion (פוט אין מאו'-שאן) אין בעוועגונג ברייננגען.

put in one's oar (פוט אין הוואנז אור) זיך ארייננמישען אין איינעמס געשעפטען אדער געשפרעך.

put in pledge (פוט אין פלעדזש) פער'משכונ'ען.

put in prac'tice (פוט אין פרעק'-טיס) אויספיהרען; דורכפיהרען עפעס אין לע־בען.

put in remem'brance (פוט אין רי־מעמ'-ברענס) דערמאנען איינעם [אן עפעס].

put in the pin (פוט אין טהי פין) אויפהערען, פערווארפען א שלעכטע גע־וועהנהייט [ווי טרינקען, רויכערען א. ד. ג.].

put in'to act (פוט איג'-טו עקט) צו אויספיהרונג ברייננגען.

put it nice'ly (פוט איט נאיס'-לי) זיך שעהן אויסדריקען.

put it strong (פוט איט סטראהנג) זיך שטארק אויסדריקען.

put'log *n.* (פוט'-לאג) — ביי מויערער איינער פון די קורצע קלעצער אדער שטאנ־גען, אויף וועלכע עס לעגען זיך אויס די ברעטער פון א רעשטאוואניע [איין עק פון קלאץ ווערט צוגעבונדען צום סלופ, וואס שטעקט אין דער ערד, און דער צוויי־טער עק איז ארייננגעשטעלט אין לאך פון דער געמויערטער וואנד].

put off (פוט אף) ארויס־אראבנעהמען, ארויס־טהאן, ארבבציהען; ענטלאסען, ענטזאגען [פון שטעלע]; אבלעגען אויף שפעטער; צו נישט מאכען; אבזוגלען, אבשווימען פון ברעג [וועגען א שיף]; אב'פטר'ען, אויספערקויפען; ארייננשווינדלען.

put'-off *n.* (פוט'-אף) אן ענטשולדיגונג, א תירוץ.

put on (פוט אן) אנטהאן; אננעהמען [א געשטאלט]; אנווענדען אדער צוגעבען [היץ, דאמפף א. ד. ג.]; ברייננגען צו עפעס, דורכפיהרען; אויפהעצען צו עפעס; אבנארען, בעשווינדלען; אנלעגען; ארויפ־לעגען; עטוואס ארייננשטעלען אדער ארייננשרייבען דורך א פאלשקייט אדער שווינדעל; זיך בעוועגען, זיך ריהרען, זיך איילען.

put on airs (פוט אן עהרז) מאכען אן אנשטעל.

We dislike him because he **puts on airs.**

put one in a hole (פוט הוואן אין ע האול) צוקוועטשען צו דער וואנד; שטע־לען אין א לאגע, פון וועלכער עס איז שווער ארויסצוקריכען.

put one on his met'tle (פוט הוואן אן היז מעטל) מאכען איינעם ארויסצו־ווייזען זיין שטארקסטע ענערגיע און אייפ־ריגקייט צו עפעס.

The severity of the examination **put** the students **on** their **mettle.**

put one's back up (פוט הוואנז בעק אפ) ארויסווייזען אנטיפאטיע, עקעל אדער צארן.

put one's best foot for'ward (פוט הוואנז בעסט פוט פאר'-הווארד) טהאן אלץ וואס איז מעגליך אום צו מאכען א גוטען איינדרוק.

put one's fin'ger on (פוט הוואנז פינ'-גער אן) עפעס גוט בעגרייפען.

put one's foot in it (פוט הוואנז פוט אין איט) איבערפיהרען א זאך, מאכען זי אונטויגבאר.

put one's foot in'to (פוט הוואנז פוט אינ'-טו) ארייננגעהן, ארייננטרעטען, צו־שטעהן [צו א פארטיי]; ארייננקריכען אין בלאטע; זיין אין א פערלעגענהייט.

put one's hand to (פוט הוואנז הענד

טו) אריינשטעקען א האנד, גנב'ענען; העלפען.

put one's nose to the grind'stone (פוט הוואנז נאוז טו טהי גראינד'-סטאון) טהאן שווערע, קאטארזשנע ארבייט.

put one to the door (פוט הוואן טו טהי דאור) ארויסטרייבען; אבזאגען פון דער שטעלע.

put on flesh (פוט אן פלעש) צונעהמען אין געוויכט, דיקער ווערען.

put on the best pace (פוט אן טהי בעסט פיים) מאכען שנעלערע טריט; פערגיכערען דעם גאנג.

put on the stage (פוט אן טהי סטיידזש) ברענגען אויף דער ביהנע, אויפפיהרען [א פיעסע].

put out (פוט אוט) ארויסלעגען, ארויסשטעלען; ארויסגעבען [א בוך]; ארויסשיקען, אויפהויבען [א פאהן]; ארויסטרייבען, ווייזען די טהיר; אויסשטעכען [די אויגען]; פאנאנדערלאזען [בלעטער]; פערלייהען געלד אויף צינזען; אויסלעגען אדער אויסגעבען געלד; צוטומלען, בריינגען אין פערלעגענהייט; בעליידיגען; אויסלינקען; אויסלעשען [א ליכט, א לאמפ].

put out of coun'tenance (פוט אוט אוו קאונ'-טע-נענס) שטעלען אין א פערלעגענהייט.

put out of hu'mor (פוט אוט אוו היו'-מאר) בריינגען אין א שלעכטער שטימונג.

The noise that the children made **put** the father **out of humor**.

put out of joint (פוט אוט אוו דזשאינט) אויסלינקען [א גליעד]; ברענגען אין אונארדנונג.

put out of sight (פוט אוט אוו סאיט) פערבארגען פון אויג; מאכען אונגעזעהן; פערצעהרען, פערברויכען.

put o'ver (פוט או'-ווער) 1. אבשיקען, איבערגעבען; 2. אבלעגען [אויף אן אנדער צייט]; 3. שטעלען אין ראנג העכער איבער אן אנדערען; 4. דורכפיהרען דורך א שפיצעל; בעזיעגען, בייקומען; 5. אריבערפיהרען [ווי איבער א טייך].

2. The trial was **put over** till the fall.
4. The nomination of the candidate was **put over** in the convention in spite of the wishes of the delegates.

put'-pin *n.* (פוט'-פין) ז. *push-pin*

putred'inous *a.* (פיו-טרעד'-אי-נאס) וואס קומט פון פוילונג; שטינקענד.

putrefa'cient *a. and n.* (פיו-טרי-פיי'-שיענט) וואס איז שייך צו פוילונג, וואס פעראורזאכט פוילונג; עטוואס וואס פעראורזאכט פוילונג.

putrefac'tion *n.* (פיו-טרי-פעק'-שאן) די פוילונג, פוילעניס; צופוילטע שטאף.

putrefac'tive *a.* (פיו-טרי-פעק'-טיוו) וואס איז שייך צו פוילונג; וואס פעראורזאכט פוילונג.

putrefac'tiveness *n.* (פיו-טרי-פעק'-טיוו-נעס) א פוילענדער צושטאנד; דאס האלטען אין פוילען.

pu'trefiable *a.* (פיו'-טרי-פאי-עבל) פוילבאר; וואס קען צופוילט ווערען; וואס פעראורזאכט פוילונג.

pu'trefy *v.* (פיו'-טרי-פאי) מאכען פוילען, פעראורזאכען פוילונג, פערדארבען; פוילען, פערפוילט ווערען, פערדארבען ווערען.

One rotten apple may **putrefy** an entire basketful.

putres'cence *n.* (פיו-טרעס'-ענס) דאס פוילען, די פוילונג; א פוילענדער צושטאנד.

putres'cent *a.* (פיו-טרעס'-ענט) פוילענד; אין א פוילענדען צושטאנד; וואס איז שייך צום פראצעס פון פוילען.

putres'cible *a.* (פיו-טרעס'-איבל) וואס קען פערדארבען ווערען, וואס קען פוילען.

pu'trid *a.* (פיו'-טריד) פויל, שטינקענד, פערדארבען.

putrid'ity *n.* (פיו-טריד'-אי-טי) פוילקייט, צופוילטקייט, פוילעניס; צופוילטע שטאף.

pu'tridness *n.* (פיו'-טריד-נעס) ז. *putridity*.

putrifica'tion *n.* (פיו-טרי-פי-קיי'-שאן) ז. *putrefaction*.

pu'trify *v.* (פיו'-טרי פאי) ז. *putrefy*.

pu'trilage *n.* (פיו'-טרי-לעדזש) אייטער, מאטעריע, פליאגמע.

putt *v. and n.* (פאט) — אין גאלף=שפיעל אבקלאפען דעם באל מיט א קורצען און רונד=פערשפיצטען שטעקען [ווען דער באל ליעגט ניט ווייט פון גריבעל]; דער שטויס וואס ווערט געגעבען דעם באל מיט אזא קורצען שטעקען.

put'ter *n.* (פוט'-ער) אן אוועקשטעלער, אן אוועקזעצער, אן אוועקלעגער א. ז. וו. ז. *put*.

put'ter *n.* (פאט'-ער) — אין גאלף=שפיעל א קורצער רונד=פערשפיצטער שטעקען, מיט וועלכען מען קלאפט אב דעם באל, ווען ער געפינט זיך ניט ווייט פון גריבעל.

put the ax in the helve (פוט טהי עקס אין טהי העלוו) אויסגעפינען א רעטעניש; ארויסגעהן פון ספק.

put the boot on the wrong leg (פוט טהי בוהט אן טהי ראהנג לעג) לויבען אדער טאדלען איינעם, ווען ער האט עס גאר ניט פערדיענט.

put the cart before' the horse (פוט טהי קארט בי-פאור' טהי האהרס) טהאן עפעס קאפויר.

put the case (פוט טהי קיים) אננעהמען דעם פאל; פארשטעלען זיך די זאך.

put the hand to (פוט טהי הענד טו) צולעגען א האנד צו עפעס; אונטערנעהמען; אנהויבען עפעס; לאטכענען, גנב'ענען.

put the kibosh' on (פוט טהי קי-באש' אן) מאכען אוים קאפעליוש=מאכער.

put the licks in (פוט טהי ליקס אין) זיך אנשטרענגען.

put the lid on (פוט טהי ליד אן) שטרענג קאנטראלירען, שטרענג פערפאלגען [וועגען דער בעציהונג פון דער פאליציי צו פערברעכער]; ארויפלעגען דאס דעקעל, צודעקען.

put the skid on!* (פוט טהי סקיד אן) האלט איין! שווייג שטיל!

put this and that togeth'er (פוט טהיס ענד טהעט טו-געטה'-ער) ציהען א שלוס פון געוויסע אנגעגעבענע פאקטען אדער בעהויפטונגען.

put through (פוט טהרוה) דורכפיהרען עפעס; בריינגען צו א געווינשטען רעזולטאט.

put'ting-green *n.* (פאט'-אינג-גריען) אין גאלף=שפיעל — די גלאטע ערד ארום דעם לאך, אין וועלכען מען שטויסט אריין דעם באל.

put'ting-stone *n.* (פאט'-אינג-סטאון) א שליידער=שטיין [א שטיין וואס ווערט געשליידערט, כדי צו פרובירען דעם כח].

put to (פוט טו) צוגעבען, בעהעפטען אדער פעראייניגען מיט עפעס; אנווענדען, בענוצען; טרייבען, נויטען, צווינגען; שיקען; בריינגען; בעשרענקען אדער בעגרענעצען ביז עפעס.

put to a stand (פוט טו ע סטענד) אבשטעלען; פערהאלטען.

put to a stop (פוט טו ע סטאפ) אבהאלטען, אבשטעלען.

put'tock *n.* (פאט'-אק) דער אייראפעאישער שפארבער; א מין אמעריקאנישער פאלק=פויגעל אדער סאקאל. ז. ***kite***

put to death (פוט טו דעטה) הינגריכטען; טויטען.

put to flight (פוט טו פלאיט) פעריאגען, צווינגען צו אנטלויפען.

put togeth'er (פוט טו-געטה'-ער) פעראייניגען; נעהמען צוזאמען.

put to grass (פוט טו גרעס) טרייבען אויף פאשע.

put to inconve'nience (פוט טו אינ-קאנ-ווי'-ניענס) פעראורזאכען אונבעקוועמליכקייט.

put to pain (פוט טו פיין) אימעצען פערשאפען שמערצען; פייניגען, קוועלען.

put to pren'tice (פוט טו פרענ'-טים) אוועקגעבען אין דער לעהרע [צו א בעל מלאכה].

put to rights (פוט טו ראיטס) בריינגען אין ארדנונג; בריינגען צו א נארמאלען צושטאנד.

put to shame (פוט טו שיים) איינעם פערשעמען, בעליידיגען.

put to si'lence (פוט טו סאי'-לענס) מאכען איינעם שווייגען.

put to stake (פוט טו סטייק) שטעלען אין קאן, ריזיקירען.

put to test (פוט טו טעסט) שטעלען אויף פראבע.

put to the blush (פוט טו טהי בלאש) בריינגען צו שאנדע; פערשעמען.

put to the door (פוט טו טהי דאור) ווייזען די טהיר; ארויסטרייבען.

put to the rack (פוט טו טהי רעק) אויפציהען אויף דער פייניגונגס=באנק; פייניגען, קוועלען.

put to tri'al (פוט טו טראי'-על) שטעלען צום געריכט; נעהמען אויף פראבע.

put to use (פוט טו יוס) נוצליך פערווענדען; אויסנוצען.

put'ty *n. and v.* (פאט'-אי) צינ=אש [צו פאלירען כלים]; גלעזער=קיט; פערקיטעווען [א שויב אין א פענסטער].

put'ty-knife *n.* (פאט'-אי-נאיף) א קיט=מעסער [א מין מעסער, וואס ווערט געברויכט פון גלעזער צו פערקיטעווען שויבען].

put un'der arrest' (פוט אנ'-דער ע-רעסט') ארעסטירען.

put un'der seal (פוט אנ'-דער סיעל) פער'חתמ'ענען.

put up (פוט אפ) דערהויבען, אויפהענגען, אויפשטעלען; פרעזענטירען, פארלעגען; אנזאמלען, אבקלייבען, אבלעגען אין זאפאס; פאקען, קאנזערווירען; אריינלעגען, אריינשטעלען [ווי א שווערד אין שייד]; געבען אן אבדאך, לאזען איבערנעכטיגען; ארויסשטעלען אלס א קאנדידאט צו די וואהלען.

put'-up *a.* (פוט'-אפ) געפלאנעוועט און פערפערטיגט פון אייגענע מענשען [אבער אזוי אז עס זאל אויסקומען, אז עס קומט ניט פון זיי]; בעטריגעריש געפלאנעוועט און דורכגעפיהרט.

put up at (פוט אפ עט) זיך אבשטעלען ביי איינעם אלס גאסט.

put up for (פוט אפּ פאָר) זוכען א שטעלע, זיך פּארשטעלען אלס קאַנדידאַט פאַר א געוויסען אמט.

put'-up job (פוט'-אפּ דזשאָב) א שפּי־ עלע, שווינדעל אדער בעטרוג וואָס איז געפּלאַנעוועט געוואָרען פון פריהער.

put upon' (פוט א-פּאָן') *put on* .ז

put up to (פוט אפּ טו) געבען ידיעות וועגען עפּעס; בעקאַנט מאַכען; ערקלע־ רען; לערנען עפּעס.

put up with (פוט אפּ הוויטה) פער־ טראָגען, דולדען; ליידען.

puz'zle n. and v. (פאַזל) א פּלאָנטער, א רעטעניש; א פערלעגענהייט; פער־ פּלאָנטערען; ברענגען אין פערלעגענהייט, פערווירען, צוטומלען; זיין אין פערלעגענהייט.

puz'zle-cup n. (פאַז'ל-קאַפּ) *surprise-cup* .ז

puz'zledom n. (פאַז'ל-דאַם) א פער־ פּלאָנטערטער עניין; א רעטזעלהאַפטער צו־ שטאַנד; רעטזעלהאַפטיגקייט; פערווירונג, צוטומלונג.

puz'zlehead n. (פאַז'ל-העד) א צופּלאָנ־ טערטער קאָפּ, א פערדרעהטער מח.

puz'zle-head'ed a. (פאַז'ל-הער'-עד) מיט א צופּלאָנטערטען קאָפּ, מיט א פער־ דרעהטען מח.

puz'zle-head'edness n. (פאַז'ל-הער'-עד-נעס) דאָס האָבען א צופּלאָנטערטען קאָפּ, דאָס זיין א צודרעהטער מח.

puz'zle-jug n. (פאַז'ל-דזשאַג) *surprise-cup* .ז

puz'zle-lock n. (פאַז'ל-לאָק) א שלאָס מיט א סעקרעט, וואָס מען דאַרף טרע־ פען ווי איהם צו פערשליסען אדער אויפ־ צושליסען.

puz'zlement n. (פאַז'ל-מענט) פערווי־ רונג; פערלעגענהייט.

puz'zle one's brains (פאַז'ל וואַנז ברעינז) זיך צוברעכען דעם קאָפּ [טראַכ־ טענדיג איבער עפּעס].

puz'zle out (פאַזל אוט) אויסגעפינען א רעטעניש.

puz'zle-peg n. (פאַז'ל-פעג) אזא שטי־ קעל האָלץ, אונטערגעבונדען אונטער דער מאָרדע פון א הונד.

puz'zler n. (פאַז'-לער) א רעטזעלהאַ־ פטער; איינער אדער עפּעס וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א רעטעניש.

puz'zling a. (פאַז'-לינג) רעטזעלהאַפט, פערווירענד.

puz'zlingly adv. (פאַז'-לינג-לי) אויף א רעטזעלהאַפטען אדער פערווירענדען אופן.

puzzola'na n. (פאַז-א-לאַ'-נא) *pozzuolana* .ז

puzzola'no n. (פאַז-א-לאַ'-נאָ) *pozzuolana* .ז

puz'zolite n. (פאַז'-א-לאַיט) *pozzuolana* .ז

pwt. *pennyweight* אן אבקירצונג פון

pyc'nite n. (פּיק'-נאַיט) דער פּיקניט [אזא מין טאַפּאַז־שטיין].

Pycnogon'ida n. (פּיק-נא-גאָנ'-אי-דא) די ים־שפּינען [אזא מין גרויסע שפּינען־ עהנליכע בעיטעפעניש, וועלכע געפינען זיך אין ים].

pycnog'onoid a. (פּיק-נאָג'-א-נאָיד) עהנליך צו א ים־שפּין; וואָס איז שייך צו ים־שפּינען. *Pycnogonida* .ז

pycnom'eter n. (פּיק-נאָם'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די געדיכט־ קייט אדער דאָס ספּעציפישע געוויכט פון פעסטע קערפּער.

py'garg n. (פּאַי'-גאַרג) א ים־אָדלער [אזא רויב־פויגעל וואָס נעהרט זיך מיט פיש].

pygme'an a. (פּיג-מי'-ען) וואָס איז שייך צו א קאַרליק [צווערג]; ווי א קאַר־ ליק; זעהר קליין.

Pyg'my n. (פּיג'-מי) א פּיגמיי, איי־ נער פון די פאַבעלהאַפטע אדער פאַנטאַס־ טישע קאַרליקעס, וועלכע — לויט די בע־ שרייבונגען פון די אַלט־גריכישע פּאָע־ טען — האָבען כלומרשט געוואוינט ביים ברעג ים און פלעגען כסדר מלחמה האַלטען מיט קראַניכען אדער זשוראַוולען [אזעל־ כע גרויסע פויגלען].

pyg'my n. and a. (פּיג'-מי) א פּיגמיי, א קאַרליק, א צווערג, א קליין מענשעלע; ווי א קאַרליק; זעהר קליין.

py'ic a. (פּאַי'-איק) אייטערדיג, מיט מאַטעריע אדער פלאַגמע.

pyja'mas n. (פּאַי-דזשאַ'-מעז) *pajamas* .ז

py'lon n. (פּאַי'-לאָן) אין ארכיטעק־ טור — א פּילאָן, א פּיראַמידאַלער טויער ביים אריינגאַנג אין די אַלט־עגיפּטישע טעמפּלען.

Pylon

pylor'ic a. (פּאַי-לאָר'-איק) וואָס איז שייך צו דער אונטערשטער עפענונג פון מאַגען.

pylo'rus n. (פּאַי-לאָ'-ראַס) די אונ־ טערשטע עפענונג פון מאַגען.

pyogen'esis n. (פּאַי-א-דזשען'-ע-סיס) אייטערונג, אייסבילדונג פון אייטער [מא־ טעריע, פלאַגמע].

pyogenet'ic a. (פּאַי-א-דזשי-נעט'-איק) וואָס רופט ארויס אייטערונג; וואָס איז שייך צו אייטערונג.

py'oid a. (פּאַי'-איד) אייטערדיג, עהנ־ ליך צו אייטער [מאַטעריע, פלאַגמע].

pyonephri'tis n. (פּאַי-א-נעפ-ראַי'-טיס) אן אייטערדיגע ענטצינדונג פון די ניערען.

pyophtal'mia n. (פּאַי-אָפּ-טהעל'-מי-א) אייטערונג פון אויג.

py'oscope n. (פּאַי'-א-סקאָופּ) אן אינ־ סטרומענט צו בעשטימען די פעטקייט פון מילך.

pyo'sis n. (פּאַי-או'-סיס) די בילדונג פון אייטער [מאַטעריע, פלאַגמע].

pyr'acanth n. (פּיר'-ע-קענטה) דער פייער־דאָרן [אזא דאָרן־פלאַנצע מיט פייער־פאַרביגע יאַגדעס].

pyrac'id n. (פּאַי-רעס'-איד) *pyro-acid* .ז

py'ral a. (פּאַי'-רעל) וואָס איז שייך צו א שייטער־הויפען אדער האָלץ־שטוים אויף וועלכען מען פערברענט די קערפּער פון טויטע.

pyr'amid n. (פּיר'-ע-מיד) א פּיראַמידע [א מאַסיווע פיעל־עקיגע געביידע וועלכע ענדיגט זיך מיט א שפּיץ. געוועהנליך איז א פּיראַמידע פיער־עקיג, ווי די פּיראַמי־ דען אין עגיפּטען]; א געגענשטאַנד וואָס האָט די פאָרם פון א פּיראַמידע; א גע־ אָמעטרישע דריי־עקיגע אדער מעהר־עקיגע פיגור וועלכע ענדיגט זיך מיט א שפּיץ.

Pyramid

pyram'idal a. (פּי-רעמ'-אי-דעל) פּי־ ראַמידאַל, ווי א פּיראַמידע; וואָס איז שייך צו א פּיראַמידע.

pyram'idalism n. (פּי-רעמ'-אי-דעל-איזם) די אַלע פאַקטען און בעשרייבונגען וועגען די פּיראַמידען אין עגיפּטען.

pyram'idalist n. (פּי-רעמ'-אי-דעל-איסט) *pyramidist* .ז

pyram'idally adv. (פּי-רעמ'-אי-דעל-אי) אין דער פאָרם פון א פּיראַמידע; זעהר הויך; זעהר, אונגעהייער.

pyramid'ic a. (פּיר-ע-מיד'-איק) פּי־ ראַמידען־פערמיג; ווי א פּיראַמידע.

pyramid'ical a. (פּיר-ע-מיד'-אי-קעל) *pyramidic* .ז

pyramid'ically adv. (פּיר-ע-מיד'-אי-קעל-אי) אין דער פאָרם פון א פּירא־ מידע.

pyramid'icalness n. (פּיר-ע-מיד'-אי-קעל-נעס) דאָס זיין פּיראַמידען־פער־ מיג.

pyr'amidist n. (פּיר'-ע-מיד-איסט) א קענער אין דער געשיכטע און סטרוקטור פון די עגיפּטישע פּיראַמידען.

pyr'amis n. (פּיר'-ע-מיס) א פּיראַמי־ דע. *pyramid* .ז

pyre n. (פּאַיר) א שייטער־הויפען, א קאָס־ טיאָר צו פערברענען טויטע קערפּער.

Pyrene'an a. (פּיר-אי-ני'-ען) פּירע־ נעאיש, וואָס איז שייך צו די פּירענעען [די בערג־קייט צווישען פראַנקרייך און שפּאַניען].

pyret'ic a. and n. (פּאַי-רעט'-איק) פּי־ בעריש, אנגעגריפען פון פּיבער; א מי־ טעל געגען פּיבער.

pyretol'ogy n. (פּיר-ע-טאָל'-א-דזשי) דער טייל פון דער מעדיצינישער וויסענ־ שאַפט, וואָס פערנעהמט זיך מיט פּיבער־ קראַנקהייטען.

pyrex'ia n. (פּאַי-רעק'-סי-א) א העכ־ כערע קערפּער־טעמפּעראַטור אלס נאָרמאַל, פּיבער.

pyrex'ial a. (פּאַי-רעק'-סי-על) פּיבער־ האַפט; וואָס איז שייך צו פּיבער.

pyrex'ic a. (פּאַי-רעק'-סיק) *pyrexial* .ז

pyrex'ical a. (פּאַי-רעק'-סי-קעל) *pyrexial* .ז

pyr'exy n. (פּיר'-עק-סי) *pyrexia* .ז

pyrheliom'eter n. (פּויר-הי-לי-אמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטאַרקייט פון דער זונען־היץ.

pyr'iform a. and n. (פּיר'-אי-פאָרם) באַרנע־פערמיג, וואָס האָט די פאָרם פון א באַרנע; אזא פּלאַכער דריי־עקיגער מוס־ קול ביים בעקען אדער טאַז. *pelvis* .ז

pyrifor'mis n. (פּיר-אי-פאָהר'-מיס)

אזא פלאכער דריי-עקיגער מוסקול ביים בעקען אדער טאז. ז. *pelvis*.

pyr'ite *n.* (פיר'-איט) פירים, שוועבעל-קיעז, אייזען-קיעז [א מינעראל פון א בלייך-געלבען קאליר, וואס בעשטעהט פון אייזען און שוועבעל].

pyri'tes *n.* (פי-ראי'-טיז) אייזען-קיעז אדער קופער-קיעז [א מינעראל וואס בע-שטעהט פון אייזען מיט שוועבעל אדער פון קופער מיט שוועבעל].

pyrit'ic *a.* (פי-ריט'-איק) ווי פירים, ווי שוועבעל-קיעז. ז. *pyrite*.

pyrit'ical *a.* (פי-ריט'-אי-קעל) ז. *pyritic*.

pyr'itous *a.* (פיר'-אי-טאס) וואס בע-שטעהט פון פירים. ז. *pyrite*.

pyro-acet'ic *a.* (פאי-רא-ע-סעט'-איק) וואס ווערט ערהאלטען פון עסיג-עסענץ ווען ער ווערט געבראכט אונטער דער ווירקונג פון היץ.

pyro-acet'ic spir'it (פאי-רא-ע-סעט'-איק ספיר'-איט) האלץ-עסיג-עטהער.

pyro-ac'id *n.* (פאי-רא-עס'-איד) א פראדוקט וואס ווערט ערהאלטען דורך דעם וואס געוויסע ארגאנישע זויערען ווערען געבראכט אונטער דער ווירקונג פון היץ.

pyro-elec'tric *a.* and *n.* (פאי-ראו-אי לעק'-טריק) פירא-עלעקטריש, טהערמא-עלעקטריש, וואס האט די אייגענשאפט צו ווערען עלעקטריש אונטער דער ווירקונג פון היץ; א שטאף וואס ווערט עלעקטריש אונטער דער ווירקונג פון היץ.

pyro-electric'ity *n.* (פאי-ראו-אי-לעק-טריס'-אי-טי) פירא-עלעקטריציטעט, טהערמא-עלעקטריציטעט [דער טייל פון עלעקטריציטעט וואס בעשעפטיגט זיך מיט ארויסרופען עלעקטריציטעט אין געוויסע שטאפען דורך טעמפעראטור-ענדערונגען].

pyrogal'lic *a.* (פאי-רא-געל'-איק) וואס ווערט ערהאלטען פון גאל-זויערע דורך דער ווירקונג פון היץ.

py'rogen *n.* (פאי'-רא-דזשען) א שטאף וואס פעראורזאכט פיבער, ווען ער דרינגט אריין אין דעם בלוט פון קערפער.

pyrogen'esis *n.* (פאי-רא-דזשען'-ע-סיס) די פראדוציר ונג פון היץ אדער פייער.

pyrogenet'ic *a.* (פאי-רא-דזשי-נעט'-איק) וואס פראדוצירט היץ.

pyrogen'ic *a.* (פאי-רא-דזשען'-איק) וואס פראדוצירט פיבער.

pyrog'enous *a.* (פאי-ראדזש'-ע-נאס) וואס רופט ארויס היץ, וואס פראדוצירט פייער; וואס ווערט פראדוצירט דורך פייער.

quest *n. and v.* (קוועסט) דאס זוכען, אונטערזוכונג, נאכזוכונג; א גרופע פון אויסזוכער אדער נאכפארשער; אן אונטערזוכונג; א פערלאנג; א בקשה; א יורי, געריכטס-געשווארענע צו אונטערזוכען א געוויסע זאך; זוכען, נאכשפירען, אונטערזוכען; בעטען; בעטלען; אנהויבען בילען [ווענען א יאגד-הונד בעת ער דערשפירט דאס רויב].

ques'ter *n.* (קוועס'-טער) א זוכער, א נאכפארשער, א נאכשפירער; א הונד וואס ווערט בענוצט אין נאכשפירען דאס רויב אויף דער יאגד.

quest'ful *a.* (קוועסט'-פול) זוכענד, נאכשפירענד, נאכפארשענד.

ques'tion *n. and v.* (קוועס'-טשאן) א פראגע; א קשיה; א צווייפעל, א ספק; אן אונטערזוכונג; אן אויפגאבע צו ענטשיידען; פרעגען; שטעלען פראגען; צווייפלען.

ques'tionable *a.* (קוועס'-טשאן-עבל) אונגעוויס, צווייפעלהאפט.

The truth of the story is **questionable.**

ques'tionableness *n.* (קוועס'-טשאן-עבל-נעס) צווייפעלהאפטיגקייט, אונגעוויסהייט.

ques'tionably *adv.* (קוועס'-טשאן-ע-בלי) אויף אן אונגעוויסען, צווייפעלהאפטען שטייגער.

ques'tionary *a. and n.* (קוועס'-טשאן-ע-רי) וואס שטעלט פראגען; וואס אונטערזוכט; איינער וואס רייזט ארום פון ארט צו ארט און פערקויפט קמיעות, לחשים און מחילה-צעטלען; א פראגע-ליסטע פאר סטאטיסטישע אונטערזוכונגען.

ques'tion-book *n.* (קוועס'-טשאן-בוק) א לעהר-בוך פאר שילער, וואו עס זיינען געדרוקט נור פראגען און די שילער דארפען אויף זיי ענטפערען.

ques'tioner *n.* (קוועס'-טשאן-ער) א פרעגער, אן אויספרעגער, אן אונטערזוכער.

ques'tioning *n.* (קוועס'-טשאן-אינג) דאס נאכפארשען; אן אונטערזוכונג; צווייפעל; ספק; חשד.

ques'tioningly *adv.* (קוועס'-טשאן-אינג-לי) דורך אויספרעגען; דורך נאכפראגען; מעשה אויספרעגער.

ques'tionist *n.* (קוועס'-טשאן-איסט) אן אויספרעגער, אן אונטערזוכער; איינער וואס שטעלט פראגען, א מקשן; א צווייפלער, א בעל-ספק; אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט — א סטודענט, וועלכער איז שוין אבגעוועזען דריי יאהר אין אוניווערזיטעט און ווערט א קאנדידאט אויף א געוויסען אוניווערזיטעטס-טיטול.

ques'tionless *a. and adv.* (קוועס'-טשאן-לעס) אהן צווייפעל, אהן א פראגע, געוויס.

ques'tion-mark *n.* (קוועס'-טשאן-מארק) א פראגע-צייכען.

questionnaire' *n.* (קעס-טיא-נעהר') א ליסטע פון פראגען איבער א געוויסען פונקט אדער געגענשטאנד, וואס ווערט צוטיילט צווישען פיעל מענשען, און די ענטפערס אויף דיעזע פראגען דיענען אלס מאטעריאל פאר סטאטיסטישע אונטערזוכונגען.

ques'tion of fact (קוועס'-טשאן אוו פעקט) א פראגע פון פאקט אדער פון דער ווירקליכקייט פון דער זאך, אין געגענ-

זאָץ צו אַ פֿראַגע פֿון רעכט אָדער געזעץ [ווי למשל, די פֿראַגע: צי זײַנען די וואָרטער געזאָגט געוואָרן? איז אַ פֿראַגע פֿון פֿאַקט; און די פֿראַגע: צי זײַנען די אַרויסגעזאָגטע ווערטער בינדענד? איז אַ פֿראַגע פֿון געזעץ].

ques'tion of or'der (קהוועס'-טשאַן אָהר'-דער) אַ פֿראַגע וואָס ווערט געשטעלט דעם פּרעזידענדן פֿון אַ געזעצגעבערישער פֿערזאַמלונג איבער דער פּונקט וואָס ווערט פֿערהאַנדעלט איז נערעכטמעסיג לויט די רעגעלען פֿון דער פֿערזאַמלונג אָדער לויט דער קאָנסטיטוציאָן פֿון דער אָרגאַניזאַציאָן.

ques'tor *n.* (קהוועס'-טאָר) אין אַלטען רוים — דער קוועסטאָר, דער הויפּט שאַץ-מייסטער אָדער קאַזנאַטשיי פֿון דער מלוכה; אַ שאַץ-מייסטער.

ques'torship *n.* (קהוועס'-טאָר-שיפּ) אין אַלטען רוים — דאָס אַמט פֿון קוועסטאָר אָדער שאַץ-מייסטער.

ques'tus *n.* (קהוועס'-טאָס) אין יורידיש פּרודענץ — לאַנד וואָס איז ערוואָרבען געוואָרען ניט דורך ירושה, נאָר דורך אייגענער פּראַצע.

queue *n.* and *v.* (קיו) אַן עק; אַ צאָפּ; מענשען וואָס וואַרטען אין רייה [אַטשעדער]; דאָס שטיקעל האָלץ אין דער פֿאָרם פֿון אַ דרייעק, צו וועלכען עס זײַנען צוגעבונדען די סטרונעס פֿון אַ פֿידעל אָדער אַנדער שטרייך-אינסטרומענט; אין מוזיקאַלישע נאָטען — דאָס עקעלע וואָס ווערט צוגעגעבען צום פּונקט פֿון אַ נאָטע; פֿערבינדען אָדער פֿערפֿלעכטען [די האָר ווי אַ צאָפּ.

quib'ble *n.* and *v.* (קהוויבל) אַ דריידעל, אַ שפּיצעל, אַ חכמה; אַ וויצעל, אַ וואָרט-שפּיעל; שפּיעלען מיט ווערטער, מאַכען וויצען מיט ווערטער; זיך אַרויסדרעהען דורך אַ שפּיצעל אָדער וואָרט-שפּיעל.

quib'bler *n.* (קהוויב'-לער) אַ וואָרט-שפּיעלער, אַ וואָרט-וויצלער; איינער וואָס דרעהט זיך אַרויס מיט אַ שפּיצעל אָדער ווערטעל.

quib'bling *n.* (קהוויב'-לינג) אַ וואָרט-שפּיעל; אַ וויץ.

quib'blingly *adv.* (קהוויב'-לינג-לי) אויסדרעהענדיג זיך מיט אַ חכמה אָדער וואָרט-שפּיעל.

quick *a.*, *adv.* and *n.* (קהוויק) לעבעדיג, לעבהאַפֿט, פֿייערדיג; שוואַנגער [אין די העברעער מאַנאַטען]; שנעל, פֿלינק; באַלד, גלייך; דאָס לעבעדיגע, עמפּפֿינדליכע פֿלייש פֿון קערפּער; אַ פֿאַרקאַן פֿון לעבעדיגע וואַקסענדע פֿלאַנצען.

quick'-ac'tion *a.* (קהוויק'-עק'-שאַן) שנעל-ווירקענד.

This revolver is of the quick-action type.

quick'-beam *n.* (קהוויק'-ביעם) דער ווילדער יאַסען [אַזאַ בוים]. ז. *mountain-ash*

quick'-birth *n.* (קהוויק'-בוירטה) דאָס געבעהרען אַ לעבעדיג קינד.

quick'-born *a.* (קהוויק'-באָהרן) וואָס איז געבאָרען געוואָרען לעבעדיג.

quick'en *v.* and *n.* (קהוויקן) בעלעבען, מאַכען לעבעדיג אָדער פֿריש; אַנטרייבען; פֿערגיכען, איילען; ווערען לעבעדיג; ווערען לעבהאַפֿט; זײַן אין די חדשים פֿון שוואַנגערשאַפֿט, ווען דאָס קינד הויבט זיך אָן פּיהלען אין בויך; דער ווילדער יאַסען [אַזאַ בוים. ז. *mountain-ash*].

quick'ener *n.* (קהוויק'נ-ער) איינער וואָס מאַכט לעבעדיג, איינער וואָס בעלעבט; אַן אַנטרייבער, אַ פֿערשנעלערער.

quick'ening *n.* (קהוויק'נ-אינג) דאָס בעלעבען; שוואַנגערשאַפֿט אין די מאָנאַטען, ווען דאָס קינד פּיהלט זיך בעלעבט אין בויך.

quick'-eyed *a.* (קהוויק'-איד) מיט אַ שאַרפֿער ראיה; שאַרפֿזיכטיג.

quick'-goods *n.* (קהוויק'-גודז) פֿיה; הויז-טהיערע.

quick'lime *n.* (קהוויק'-לאַים) איבערגעברענטער, נאָך ניט געלאָשענער קאַלך.

quick'ly *adv.* (קהוויק'-לי) אויף אַ לעבהאַפֿטיגער אָרט; שנעל, באַלד.

quick'-march *n.* (קהוויק'-מאַרטש) ז. *quickstep*

quick'ness *n.* (קהוויק'-נעס) לעבהאַפֿטיגקייט; געשווינדקייט; שנעלקייט; שאַרפֿקייט.

quick'sand *n.* (קהוויק'-סענד) זינקזאַמד [זאַמד וואָס זינקט אונטער די פֿיס].

quick'sandy *a.* (קהוויק'-סענ-די) וואָס ענטהאַלט מאַסען זינק-זאַמד. ז. *quicksand*

quick'-scen'ted *a.* (קהוויק'-סענ'-טעד) וואָס האָט אַ שאַרפֿען חוש-הריח.

quick'set *n.*, *a.* and *v.* (קהוויק'-סעט) אַ לעבעדיגע פֿלאַנצע וואָס דיענט אַלס צאַם אָדער פֿאַרקאַן; אַרומגעצאַמט מיט לעבעדיגע פֿלאַנצען; אַרומצאַמען מיט לעבעדיגע פֿלאַנצען.

quick'-sigh'ted *a.* (קהוויק'-סאַי'-טעד) שאַרפֿזיכטיג.

quick'-sigh'tedness *n.* (קהוויק'-סאַי'-טעד-נעס) שאַרפֿזיכטיגקייט.

quick'silver *n.* and *v.* (קהוויק'-סיל-ווער) קוועקזילבער; איבערציהען מיט קוועקזילבער.

quick'silvered *a.* (קהוויק'-סיל-ווערד) בעדעקט מיט קוועקזילבער.

quick'step *n.* (קהוויק'-סטעפּ) דער שנעל-שריט-מאַרש [אַ מוזיקאַלישער מאַרש געשריבען לויט דעם שנעלען טאַקט פֿון דעם גאַנג פֿון מיליטער]; אַ מיליטערישער שנעל-מאַרש.

quick'-tem'pered *a.* (קהוויק'-טעמ'-פּערד) היציג; וואָס ווערט שנעל אויפֿגעבראַכט אָדער אויפֿגערעגט.

quick'-wit'ted *a.* (קהוויק'-הווית'-עד) שאַרפֿזיניג; וואָס האָט אַ שנעלע תפֿיסה.

quick'-wit'tedness *n.* (קהוויק'-הווית'-עד-נעס) שאַרפֿזיניגקייט; דאָס האָבען אַ שנעלע תפֿיסה.

quick'-work *n.* (קהוויק'-הוואָירק) דער טייל פֿון שיפֿס-קערפּער וואָס געפֿינט זיך אונטער'ן וואַסער.

quid *n.* and *v.* (קהוויד) אַ שטיקעל קייטאַבאַק וואָס ווערט אַרײַנגענומען מיט איין מאָל אין מויל; דער עצם, די נאַטור פֿון עפּעס; אַרויסוואַרפֿען איבערגעקייטע שפּייז פֿון מויל [וועגען אַ פֿערד].

quid'dany *n.* (קהוויד'-ע-ני) איינגעמאַכטס פֿון קוויטע [אַ מין פּרוכט. ז. *quince*] מיט צוקער.

quid'dative *a.* (קהוויד'-ע-טיוו) וועזענטליך, וויכטיג; וואָס ענטהאַלט דעם עיקר אָדער דעם עסענץ [פֿון אַ זאַך].

quid'dit *n.* (קהוויד'-איט) צוויידייטיגקייט; דאָס רעדען אַזוי, אַז מען זאָל עס קענען פֿערשטעהן אי אַזוי אי אַנדערש.

quid'ditative *a.* (קהוויד'-אי-טע-טיוו) ז. *quiddative*

quid'dity *n.* (קהוויד'-אי-טי) אין דער סכאָלאַסטישער פֿילאָזאָפֿיע — דאָס אונטערשיידענדע אין אַ זאַך פֿון די אַנדערע זאַכען און מאַכט זי פֿאַר דאָס וואָס זי איז און ניט אַנדערש; דער עיקר, דער תמצית, די טבע פֿון דער זאַך; אַ פּלפּול, אַ דריידעל, אַ צוטשעפּעניש צו אַ וואָרט, צו אַן אויסדרוק א. ד. ג.

quid'dle *v.* and *n.* (קהווידל) זיך אָבגעבען מיט פּוסטע זאַכען; בעציהען זיך צו עפּעס לײַכטזיניג אָדער אויבערפֿלעכליך; זײַן אַ פּוסטער צייט-פֿערטרײַבער; איינער וואָס גיט זיך אָב מיט פּוסטע זאַכען.

quid'dler *n.* (קהוויד'-לער) איינער וואָס גיט זיך אָב מיט פּוסטע זאַכען אָדער בעציהט זיך לײַכטזיניג צו עפּעס.

quid'nunc *n.* (קהוויד'-נאַנק) איינער וואָס האָט ליעב צו הערען און דערצעהלען נײַעס; איינער וואָס ווייסט אָדער זאָגט אַז ער ווייסט אַלע בייעסען.

quid pro quo (קהוויד פּראָ קהוואָ) עטוואָס פֿאַר עטוואָס; גלייכעס מיט גלייכען בעצאָהלט; עטוואָס גלייכווערטיגעס אַלס ענטגעלטונג.

The agreement could not last since there was no quid pro quo in the contract.

quiesce' *v.* (קהוואַי-עס') רוהען, זײַן שטיל; ווערען שטיל; ווערען שטום, פֿערלירען דעם קלאַנג [וועגען אַ בוכשטאַב אין אַ וואָרט].

quies'cence *n.* (קהוואַי-עס'-ענס) רוה, שטילקייט; אונבעוועגליכקייט; אונטהעטיגקייט; אין פֿילאָלאָגיע — די שטומקייט אָדער דאָס ניט הערען זיך פֿון אַ בוכשטאַב אין אַ וואָרט.

quies'cent *a.* and *n.* (קהוואַי-עס'-ענט) רוהענד, שטיל; שטום; וואָס האָט ניט קיין קלאַנג [וועגען אַ בוכשטאַב אין אַ וואָרט]; אַ שטומער בוכשטאַב.

quies'cently *adv.* (קהוואַי-עס'-ענט-לי) מיט רוהיגקייט; אויף אַ שטילער אונבעוועגליכער אָרט.

qui'et *a.*, *n.* and *v.* (קהוואַי'-עט) 1. רוהיג, שטיל; פֿריעדליך; רוה, רוהיגקייט; פֿריעדען; 2. בערוהיגען; שטילען; שטיל ווערען.

1. We spent a quiet day in the woods.
2. The doctor prescribed a remedy to quiet the patient.

qui'eter *n.* (קהוואַי'-עט-ער) דער אָדער דאָס וואָס בערוהיגט; אַ בערוהיגונגס-מיטעל, אַ שטילונגס-מיטעל.

qui'etism *n.* (קהוואַי'-עט-איזם) קוויעטיזם, געמיטהס-רוה [די לעהרען און פּרינציפּען פֿון אַ מיסטישער סעקטע פֿון 17טען יאָהרהונדערט, וועלכע האָט געפּרעדיגט, אַז דער מענש זאָל זיך איבערגעבען צו אַ פֿאָלשטענדיגער גייסטיגער רוה און אין דיעזער רוה זאָל זײַן נשמה זיך איבערגעבען צו אַ שטילען און טיעפֿען טראַכטען וועגען גאָט און געטליכקייט]; רוהיגקייט, פֿריעדליכקייט, געמיטהס-רוהיגקייט.

qui'etist *n.* (קהוואַי'-עט-איסט) אַ קוויעטיסט, איינער וואָס זוכט רוהיגקייט און פֿריעדליכקייט; איינער וואָס פּרעדיגט צו האַלטען זיך רוהיג און ניט אָנפֿיהרען קיין שום קאַמפּף.

Qui'etist *n.* (קהוואַי'-עט-איסט) אַ קוויעטיסט. ז. *quietism*

quietis'tic *a.* (קהוואַי-ע-טיס'-טיק) קוויעטיסטיש, וואָס איז שייך צו קוויעטיזם אָדער צו די קוויעטיסטען. ז. *quietism*

qui'etive *n.* (קהוואַי'-עט-איוו) עפּעס וואָס בערוהיגט אָדער שטילט איין.

qui'etize *v.* (קהוואי'-עט-איז) בערוהיגען, איינשטילען.

qui'etly *adv.* (קהוואי'-עט-לי) רוהיג, שטיל; אויף א רוהיגער, שטילער ארט.

qui'etness *n.* (קהוואי'-עט-נעס) רוהיגקייט, שטילקייט.

qui'etude *n.* (קהוואי'-ע-טיוד) רוה, שטילקייט.

quie'tus *n.* (קהוואי-אי'-טאס) 1. דאס איינשטילען אויף אייביג; 2. דאס ענדיגען אלע חשבונות; 3. דער טויט; די ענדע.

1. His friends put a **quietus** on his absurd schemes. 3. A single pistol shot put a **quietus** on his life.

quill *n. and v.* (קהוויל) א גענזענע פעדער; א פען; א שרייבער; שרייבעריי; דער פוסטער הארנדיגער שטאם פון א פעדער; איינער פון די שפיציגע הארנדיגע שטאכלען פון א שטאכעל-שוויין, איגעל א. ד. ג.; א וועבער-שפולקע; א רונדער קנייטש אדער פאלט, א קרויז; דער צאפען פון א פאס; דאס קליינע ווייכע ביינדעל, מיט וועלכען א שפיעלער אויף א מאנדאלין אדער גיטארע קלאפט איבער די סטרונעס; אויסרייסען די דיקע פעדערען פון א גאנז, אינדיק א. ד. ג.; אויסלעגען אדער אויספרעסען רונדע פאלטען אויף טוך אדער צייג.

quill'-dri'ver *n.* (קהוויל'-דראי'-ווער) א שרייבער, א שמיערער.

quill'-dri'ving *n.* (קהוויל'-דראי'-ווינג) דאס ארבייטען מיט דער פען; דאס שרייבען.

quilled *a.* (קהווילד) וואס האט פעדערען; אין דער פארם פון א פעדער; אנגעקנייטשט, צונויפגעפאלטעוועט.

quill'-feath'er *n.* (קהוויל'-פעטה'-ער) א פליגעל-פעדער פון אן עוף.

quill'ing *n.* (קהוויל'-אינג) א שמאלער קרויז פון שפיצען [קרוזשעווע] אלס בעפוצונג [ווי פאר א קלייד א. ד. ג.].

quill'-work *n.* (קהוויל'-הוואירק) שטיקעריי-ארבייט מיט שטאכלען פון א שטאכעל-שוויין [ווי דאס ווערט געמאכט פון די אינדיאנער פון נארד-אמעריקא].

quilt *n. and v.* (קהווילט) א קאלדרע, א געשטעפטע דעקע; שטעפען ווי מען שטעפט א קאלדרע; דורכנעהען; שטאפען, אויסשטאפען.

quil'ter *n.* (קהוויל'-טער) איינער אדער עפעס וואס שטעפט צונויף שטיקער צייג [ווי מאכענדיג א קאלדרע].

quil'ting *n.* (קהוויל'-טינג) פיקע [א מין צייג]; דעקע-צייג [צייג פון וועלכער מען מאכט קאלדרעס]; דאס שטעפען א קאלדרע.

quina'rius *n.* (קהוואי-ניי'-רי-אס) א קווינאריוס, אן אלט-רוימישע זילבערנע מטבע, א העלפט פון א דינאריוס אדער דינור [האט געהאט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 8 אמעריקאנער סענט].

qui'nary *a. and n.* (קהוואי'-נע-רי) וואס בעשטעהט פון פינף; עטוואס וואס בעשטעהט פון פינף טיילען.

quince *n.* (קהווינס) די קוויטע [א מין געלבע בארנע-ארטיגע פרוכט, פון וועלכער מען פרעגעלט איינגעמאכטס]; דער קוויטען-בוים.

Quince

quincen'tenary *a. and n.* (קהווינ-סענ'-טע-נע-רי) וואס בעשטעהט פון פינף הונדערט; וואס איז שייך צו א פעריאדע פון פינף הונדערט יאהר; דאס וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פינף הונדערט; א פינף הונדערט יעהריגער יובילעאום.

quince'-tree *n.* (קהווינס'-טריע) דער קוויטען-בוים. ז. *quince*

quincun'cial *a.* (קהווינ-קאנ'-שעל) אויסגעשטעלט אין פינף אדער אין פינפיגע רייהען; אויסגעשטעלט אין א קווינקונקס. ז. *quincunx*

quincun'cial or'der (קהווינ-קאנ'-שעל אהר'-דער) די שרעגע פלאנצונג פון בוימער; די אויסשטעלונג פון פינף זאכען אין א פיער-עקיגער פארם [פיער אין יעדען ווינקעל פון פיער-עק און די פינפטע אין מיטען].

quin'cunx *n.* (קהווינ'-קאנקס) א קווינקונקס, א פאנאנדערשטעלונג פון פינף זאכען אין דער פארם פון א קוואדראט [פיער אין יעדען ווינקעל און די פינפטע אין מיטען ⁙]; דאס פלאנצען בוימער אין דער ⁙ פארם פון א קווינקונקס.

quindec'agon *n.* (קהווינ-דעק'-ע-גאן) אין געאמעטריע — א פופצעהן-עקיגע פיגור, א פלאכע פיגור מיט פופצעהן זייטען און פופצעהן ווינקלען.

quin'ible *n.* (קהווינ'-איבל) אין מוזיק — אן אינטערוואל פון איין פינפטעל.

qui'nine *n.* (קהוואי'-נאין) כינין [א ביטערער פולווער אדער קריסטאלען, וואס מען בעקומט פון דער קארע פון כינין-בוים. ווערט פיעל געברויכט אין מעדיצין].

quink'-goose *n.* (קהווינק'-גוהס) ז. *brand-goose*

quinquagena'rian *a. and n.* (קהווינ-קהווע-דזשע-ניי'-רי-ען) וואס איז אלט פופציג יאהר; א פערזאן אין עלטער צווישען פופציג און זעכציג יאהר.

quinquages'ima *n.* (קהווינ-קהווע-דזשעס'-אי-מא) א צייט פון פופציג טעג.

Quinquages'ima Sun'day (קהווינ-קהווע-דזשעס'-אי-מא סאנ'-דיי) דער זונטאג וואס איז דער פופציגסטער טאג פאר דעם קריסטליכען פסח [דער לעצטער זונטאג פאר דער פאסט-צייט].

quinquan'gular *a.* (קהווינ-קהוועג'-גיו-לאר) וואס האט פינף ווינקלען.

quinque-an'gled *a.* (קהווינ-קהווי-ענ'גלד) פינף-ווינקעלדיג.

quinquefo'liate *a.* (קהווינ-קהווי-פאו'-לי-אייט) אין באטאניק — וואס האט פינף בלעטער.

quinquefo'liated *a.* (קהווינ-קהווי-פאו'-לי-איי-טעד) ז. *quinquefoliate*

quinquefo'liolate *a.* (קהווינ-קהווי-פאו'-לי-א-לייט) אין באטאניק — וואס בעשטעהט פון פינף בעזונדערע בלעטלעך [וועגען דעם געבוי פון געוויסע בלעטער].

quinquelit'eral *a.* (קהווינ-קהווי-ליט'-ע-רעל) וואס בעשטעהט פון פינף בוכשטאבען.

quinquen'niad *n.* (קהווינ-קהוועג'-אי-עד) א פעריאדע פון פינף יאהר.

quinquen'nial *a. and n.* (קהווינ-קהוועג'-אי-על) פינף-יעהריג; וואס טרעפט זיך איין מאל אין פינף יאהר; וואס דויערט פינף יאהר; א פעריאדע פון פינף יאהר; א פינף-יעהריגער יובילעאום אדער יום-טוב.

quinquen'nially *adv.* (קהווינ-קהוועג'-אי-על-אי) איין מאל אין פינף יאהר; אין משך פון פינף יאהר.

quinquen'nium *n.* (קהווינ-קהוועג'-אי-אם) א פעריאדע פון פינף יאהר.

quinquepar'tite *a.* (קהווינ-קהווי - פאר'-טאיט) וואס איז איינגעטיילט אין פינף טיילען.

quin'quereme *n.* (קהווינ'-קהווי-רים) א שיף מיט פינף ציילען רודערערס ביי די אלטע גריכען און רוימער.

quin'quesect *v.* (קהווינ'-קהווי-סעקט) פאנאנדערשניידען אדער פאנאנדערהאקען אין פינף גלייכע טיילען.

quinquesec'tion *n.* (קהווינ-קהווי-סעק'-שאן) דאס פאנאנדערשניידען אין פינף גלייכע טיילען.

quinquese'rial *a.* (קהווינ-קהווי-סי'-רי-על) וואס איז איינגעארדנעט אין פינף סעריעס אדער ציילען.

quinquesyllab'ic *a.* (קהווינ-קהווי-סי-לעב'-איק) פינף-זילביג, וואס האט פינף זילבען [וועגען געוויסע ווערטער].

quinquesyl'lable *n.* (קהווינ-קהווי-סיל'-עבל) א ווארט פון פינף זילבען.

quin'quina *n.* (קינ'-קי-נא) די קארע פון כינין-בוים.

quin'quino *n.* (קינ'-קי-נאו) דער באלזאם-בוים פון פערו [דרום-אמעריקא].

quin'sy *n.* (קהווינ'-זי) אן ענטצינדונג פון די מאנדלען [אין האלז].

quin'sy-ber'ry *n.* (קהווינ'-זי-בער'-אי) די שווארצע וויינפערלעך.

quint *n.* (קהווינט) א גאנג אדער סעריע פון פינף; די קווינטע [די דינסטע סטרונע פון א פידעל].

quin'tain *n.* (קהווינ'-טיין) א פיגור אדער זאק צום שטעכען מיט א פיקע א. ז. וו. [אלס איבונג פאר סאלדאטען]; דאס איבען זיך אין שטעכען מיט וואפען אין א פיגור.

quin'tal *n.* (קהווינ'-טעל) א געוויכט פון 100 פונט.

quin'tan *a. and n.* (קהווינ'-טען) וואס טרעפט יעדען פינפטען טאג; א פיבער וואס כאפט אן דעם מענשען יעדען פינפטען טאג.

quintes'sence *n.* (קהווינ-טעס'-ענס) די קווינט-עסענץ, דער עיקר; דאס בעסטע, דאס וויכטיגסטע.

quintessen'tial *a.* (קהווינ-טע-סענ'-שעל) וואס געהערט צום קווינט-עסענץ אדער צו דעם עיקר פון עפעס.

quintet' *n.* (קהווינ-טעט') א קווינטעט [א שטיק מוזיק וואס ווערט אויסגעפיהרט פון פינף בעזונדערע שטימען אדער אינסטרומענטען; א קאמפאניע פון פינף זינגער אדער שפיעלער].

quintette' *n.* (קהווינ-טעט') ז. *quintet*

quintet'to *n.* (קהווינ-טעט'-או) ז. *quintet*

quin'tile *n.* (קהווינ'-טיל) דאס אויסזעהן פון שטערען ווען זיי זיינען איינע פון די אנדערע ווייט א פינפטעל טייל פון דעם זאדיאק, ד. ה. ווען זיי זיינען 72 גראד ווייט.

quintil'lion *n.* (קהווינ-טיל'-יאן) א קווינטיליאן, א ביליאן ביליאנען [א צאהל וואס בעשטעהט פון אן איינס מיט 18 נולען].

quintroon' *n.* (קהווינ-טרוהן') דער קווינטראן [א קינד פון א ווייסען, וואס האט געהייראט מיט א מולאטקע, וועלכע האט אין זיך א זעכצעהנטעל נעגרישעס בלוט].

quin'tuple *a. and v.* (קהווינ'-טיופל) פינפפאכיג; מאכען אדער ווערען פינפפאכיג.

quin'tuplet *n.* (קהווינ'-טיו-פלעט) א גאנג אדער סעריע פון פינף.

quin'tuplets *n.* (קהווינ'-טיו-פלעטס) א פינפטלינג [פינף קינדער וואס זיינען געבארען געווארען מיט איין מאל].

quintu'plicate *v., a. and n.* (קהווינ-טיו'-פלי-קייט) פערפינפפאכען, מאכען פינפפאכיג; פערגרעסערען ביז פינף מאל; וואס בעשטעהט פון א גאנג פון פינף; איינע פון פינף זאכען, וועלכע זיינען זעהר עהנליך איינע צו די אנדערע.

quintuplica'tion *n.* (קהווינ-טיו-פלי-קיי'-שאן) דאס מאכען פינפפאכיג; דאס פערגרעסערען אין פינף מאל.

quin'zain *n.* (קהווינ'-זיין) דער פיערצעהנטער טאג נאך א פעסט-טאג אדער יום-טוב; א סטאנזא פון א געדיכט וואס בעשטעהט פון פופצעהן ציילען.

quin'zaine *n.* (קהווינ'-זיין) ז. *quinzain*.

quip *n. and v.* (קהוויפ) א שטאך, א שטאך-וויץ, א שטאך-ווארט; שטעכען מיט רייד, בייסען מיט הלצות; רעדען מיט סארקאזם.

quir'cal *n.* (קהוואיר'-קעל) א מין זיידען-אפע. ז. *marmoset*.

quire *n. and v.* (קהוואיר) א כאר; דאס ארט אין א קירך וואו דער כאר שטעהט; א ליוועך פאפיער [24 בויגען]; זינגען אין כאר; צונויפלעגען פאפיער אין ליווערס.

quirita'tion *n.* (קהוויר-אי-טיי'-שאן) א געשריי נאך הילף.

Quir'ite *n.* (קהוויר'-איט) א קוויריט, איינער פון די קוויריטען [אזוי פלעגט מען אמאל רופען די אלט-רוימישע בירגער].

quirk *n. and v.* (קהוואירק) א פלעצליכע אבווייכונג פון דער ריכטונג; א קעהר אן א זייט; אן אויסדרעהונג; אן אויסדרעה, א תירוץ זיך אויסצודרעהען; אן איינפאל, א המצאה; א שארפער וויץ, א שטאך-ווארט; א פלעצליכע אומוועגדונג אין דער שטימונג, א שארפער איבערגאנג פון איין שטימונג אין אן אנדערער; א מוזיקאלישע וואריאציאן מיט פלעצליכע איבערגאנגען פון איין טאן אין אן אנדערען; אין ארכיטעקטור — א טיעפע איינשניידונג אדער איינקארבונג; פלוצלונג ענדערען [די שטימונג, ריכטונג א. ז. וו.]; זיין אונרעגעלמעסיג; טיעף איינשניידען.

quirk mol'ding (קהוואירק מאול'-דינג) א געזימס אדער קארניז וואס ווערט פארמירט אדער געשניצט מיט א שארפען אריבערגאנג פון קאנקאוו צו קאנוועקס און פערקעהרט.

quirt *n. and v.* (קהוואירט) אזא געפלאכטענע רייטער-בייטש מיט א קורצען הענטעל; שמייסען מיט אזא בייטש.

quit *v. and a.* (קהוויט) קוויטירען, אויסגלייכען; סילוק'ען, אב'פטר'ען [א חוב]; בעלוינען, פערגעלטען, גוט מאכען [א הבטחה]; בעפרייען [פון א פערפליכטונג]; צוריקצאהלען [די קאסטען, די טרחה]; פערלאזען [אן ארט]; אויפגעבען [א שטעלע]; אבמאכען [אן עסק]; אבטהאן, דורכפיהרען, אויספיהרען; פריי, קוויט.

quitch *n.* (קהוויטש) ז. *quitch-grass*.

quitch'-grass *n.* (קהוויטש'-גרעס) קוועקע [א מין גראז, עהנליך צו ווייץ. ווערט געברויכט אלס פוטער פאר בהמות].

Quitch-grass

quit'claim *v. and n.* (קהוויט'-קליים) אויפגעבען דאס רעכט, אויפהערען צו פאדערען; קוויטירען [א חוב]; פריישפרעכען [פון א פערפליכטונג]; א דאקומענט, דורך וועלכען איינער גיט אויף זיין רעכט אויף עפעס; די פריילאזונג פון עפעס.

Upon payment of $500 I shall give you a **quitclaim** to this property.

quit'claimance *n.* (קהוויט'-קליי-מענס) א דאקומענט, דורך וועלכען איינער ענטזאגט זיך פון זיין פאדערונג אדער פון זיין רעכט אויף עפעס.

quit cost (קהוויט קאהסט) דעקען די הוצאות.

quite *adv.* (קהוואיט) גאנץ, דורכאויס; גענצליך, פאלשטענדיג; צימליך; ביז א געוויסען גראד.

quite a few (קהוואיט ע פיו) א גאנץ ניש'קשה'דיגע צאהל, א היבש ביסעל.

quite a lit'tle (קהוואיט ע ליטל) א היבש ביסעל.

quite an acquisi'tion (קהוואיט ען ע-קהווי-זיש'-אן) א גרויסער געווינס.

His coming was **quite an acquisition** to our camping party.

quite se'rious (קהוואיט סי'-רי-אס) גאנץ ערנסט; אהן שפאס.

quite so (קהוואיט סאו) יא, גאנץ ריכטיג, אזוי ווי איהר זאגט.

quit'-rent *n.* (קהוויט'-רענט) די רענטע אדער ראטע, וואס אן ארענדאר אדער פאכטער צאהלט יעהרליך דעם פריץ און דערמיט ווערט ער בעפרייט פון פערשיעדענע אנדערע פערפליכטונגען.

quits *a.* (קהוויטס) קוויט, פריי.

quit scores (קהוויט סקאורז) קוויטירען די רעכנונגען.

quit'table *a.* (קהוויט'-עבל) וואס קען אויפגעגעבען אדער פערלאזען ווערען.

quit'tance *n.* (קהוויט'-ענס) די בעצאהלונג, די קוויטירונג [פון א חוב]; די בעלוינונג; די פערגעלטונג; א קוויטאנציע.

quit'ter *n. and v.* (קהוויט'-ער) דער וואס קוויטירט אדער צאהלט זיך פאנאנדער; א הארטער געשוויר אויף דעם אונטערשטען טייל פון פוס אדער אויף דער קאפיטע פון א פערד; לאזען פון זיך אייטער אדער פלאגמע [ווי אן אפענע וואונד].

quit'tor *n.* (קהוויט'-אר) אזא הארטער געשוויר אויף א פערד'ס פוס. ז. *quitter*.

quiv'er *n. and v.* (קהוויוו'-ער) א שיידעל אדער קעסטעל פאר שיס-פיילען; א ציטער, א טרייסעל; דאס ציטערען, דאס פלאטערען, דאס טרייסלען זיך; ציטערען; פלאטערען, טרייסלען זיך.

quiv'ered *a.* (קהוויוו'-ערד) מיט א פיילען-שיידעל; אריינגעלעגט אדער בעהאלטען אין א פיילען-שיידעל.

quiv'ering *n.* (קהוויוו'-ער-אינג) דאס ציטערען, דאס פלאטערען, דאס טרייסלען זיך.

quiv'eringly *adv.* (קהוויוו'-ער-אינג-לי) ציטערענדיג; טרייסלענדיג זיך.

quiv'erish *a.* (קהוויוו'-ער-איש) ציטערענד; זיך טרייסלענד.

quix'ote *v.* (קהוויק'-סאט) טהאן ווי דאן-קיכאט; שפיעלען די ראלע פון א דאן-קיכאט. ז. ***Don Quixote***.

quixot'ic *a.* (קהוויק-סאט'-איק) ווי דאן קיכאט; נאריש-ראמאנטיש, פאנטאסטיש, אונזיניג; שטרעבענד צו אונדערגרייכבארע אדער אונפראקטישע אידעאלען.

quixot'ically *adv.* (קהוויק-סאט'-אי-קעל-אי) אויף א נאריש-ראמאנטישער, פאנטאסטישער ארט.

quix'otism *n.* (קהוויק'-סאט-איזם) דאן-קיכאטיזם, נארישע ראמאנטישקייט; דומהייט, פוסטקייט, אונזין, פאנטאזיע; נאריש-ראמאנטישע פאסירונגען אדער האנדלונגען; אונגעבעטענע אדער אונניצליכע גרויסמוטיגקייט אדער העלדישקייט.

quix'otry *n.* (קהוויק'-סאט-רי) ז. *quixotism*.

quiz *n. and v.* (קהוויז) א רעטעניש, א רעטזעלהאפטע פראגע; א שפאס, א שלעכטער וויץ; לצנות, שפעטעריי; אן אבלאכער, אן אבשפאטער; איינער אדער עפעס, פון וואס מען מאכט שפאס; א לארנעט; סטודענטישע נאטיצען פון לעקציעס; שטעלען רעטזעלהאפטע פראגען; חוזק מאכען; מינדליך עקזאמינירען א מעדיצינישען סטודענט [ז. *quiz-class*]; קוקען אויף איינעם מיט עזות [ווי דורך א לארנעט]; א מין דריידעל [א קינדער-שפיעלצייג].

quiz'-class *n.* (קהוויז'-קלעס) אן עקזאמענאציאנס-קלאס [א קלאס, וואו סטודענטען ווערען מינדליך עקזאמענירט אדער פון א לעהרער אדער איינער פון'ם צווייטען, אום געניויער צו שטודירען די לעהרגעגענשטענדע].

quiz'-mas'ter *n.* (קהוויז'-מעס'-טער) דער לעהרער אדער פיהרער פון אן עקזאמענאציאנס-קלאס. ז. *quiz-class*.

quiz'zer *n.* (קהוויז'-ער) א חוזק-מאכער, איינער וואס טרייבט לצנות; אן אבלאכער, אן אבשפאטער.

quiz'zery *n.* (קהוויז'-ער-אי) לצנות, חוזק, שפאטעריי, אבלאכעריי.

quiz'zical *a.* (קהוויז'-אי-קעל) שפאטיש, לצנות'דיג.

quizzical'ity *n.* (קהוויז-אי-קעל'-אי-טי) אבלאכעריי; דאס טרייבען שפאס, דאס מאכען חוזק.

quiz'zically *adv.* (קהוויז'-אי-קעל-אי) אויף א שפאטישער ארט; מיט לצנות; מאכענדיג חוזק.

quizzifica'tion *n.* (קהוויז-אי-פי-קיי'-שאן) א שפאס, א הלצה.

quiz'zify *v.* (קהוויז'-אי-פאי) חוזק מאכען; טרייבען לצנות.

quiz'ziness *n.* (קהוויז'-אי-נעס) זאנדערבארקייט; מאדנעקייט.

quiz'zing *n.* (קהוויז'-אינג) דאס אבשפאטען, דאס מאכען חוזק, דאס טרייבען לצנות, דאס מאכען צו געלעכטער.

quiz'zing-glass *n.* (קהוויז'-אינג-גלעס) א מאנאקל, אן איינצעלנעס גלעזעל וואס האלט זיך געבען אויג דורך די ארומיגע מוסקולען.

quob *v. and n.* (קהוואב) ז. ***quab***.

quod *n. and v.* (קהוואד) א הויף; א געפענגנים-הויף; א געפענגנים; איינשפארען אין א געפענגנים.

quod'dle *v.* (קהוואדל) שוויםען; זיך פליושקען אין וואסער [ווי א שווים-פויגעל].

quod'dy *n.* (קהוואד'-אי) א מין נרויסער הערינג.

quod'libet *n.* (קהוואד'-לי-בעט) אין מוזיק — א פאפורי, א מוזיקאלישׂ שטיק געמיישט פון פערשידענע מעלאדיען; א שטרייט-פונקט אין א ויכוח אדער דעבאטע.

quodlibeta'rian *n.* (קהוואד-לי-בע-טיי'-רי-ען) איינער וואס פיהרט ויכוחים אדער איז זיך מפלפל.

quodlibet'ic *a.* (קהוואד-לי-בעט'-איק) וואס איז ניט בעשרענקט אויף איין בעשטימטען פונקט [וועגען א דעבאטע אדער פלפול]; וואס ווערט דעבאטירט פאר צייט-פערטרייב; וואס האט ליעב שארפען פלפול.

quoin *n. and v.* (קאין) אין ארכיטעקטור — דער עק-שטיין [א פיער-קאנטיגער שטיין אין ווינקעל פון א געביידע]; א ווינקעל-שטיין; דער אויסערליכער ווינקעל פון א בנין; א קליין-פערמיגער שטיין פון אן ארקע; אין דרוקעריי — א קליין אדער איינער פון די צוויי קלינעס, מיט וועלכע מען בעפעסטיגט דעם שריפט-זאץ אין דעם דרוק-ראהם; פערפעסטיגען, צוזאמענדרוקען אדער אויפהויבען מיט דער הילף פון א קליין.



Quoins

quoit *n. and v.* (קהוואיט) א ווארף-רינג, א ווארף-שטיין [צום שפיעלען זיך]; ווארפען; זיך שפיעלען מיט ווארף-רינגען אדער ווארף-שטיינער; שלייַדערען.

Quoit

quon'dam *a. and n.* (קהוואנ'-דעם) דער געוועזענער, דער פריהערדיגער; דער אדער דאס וואס איז געווען פריהער; א פריהעריגער בעאמטער.

quo'rum *n.* (קהוואו'-ראם) א קווארום, א פעסטגעשטעלטע צאהל מיטגליעדער, וועלכע זיינען נויטיג אויף א פערזאמלונג [ווי למשל אין פארלאמענט] אום זייערע בעשליסע זאלען זיין גע׳זעצליך.

quo'ta *n.* (קהוואו'-טא) א פערהעלטניס-מעסיגער טייל; א טייל וואס שטעהט אין א געוויסער בעציהונג צו די אנדערע טיילען.

quotabil'ity *n.* (קהוואו-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען ציטירט ווערען.

quo'table *a.* (קהוואו'-טעבל) וואס קען אנגעגעבען ווערען [אין אימעצענס נאמען]; וואס קען ציטירט ווערען.

quo'tably *adv.* (קהוואו'-טע-בלי) אזוי, דאס מען זאל עס קענען ציטירען.

quota'tion *n.* (קהווא-טיי'-שאן) 1. די אנגעבונג פון אימעצענס רייד; אן אנגעגעבענע שטעלע פון א בוך; א ציטאטע; אנגעגעבענע רייד; 2. די פערצייכנונג פון פרייזען אדער פון קורס; 3. די ציטירונג.

1. The book is full of **quotations**. 2. The stock **quotations** show a decline since last month.

quota'tional *a.* (קהווא-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א ציטאטע אדער צו אן אנגעגעבענער שטעלע פון איינעמס בוך אדער רעדע.

quota'tionist *n.* (קהווא-טיי'-שאנ-איסט) איינער וועלכער ציטירט אדער נאטירט.

quota'tion-mark *n.* (קהווא-טיי'-שאנ-מארק) גענזענפיסלעך, קאוויטשקעס [„—“], איינער פון די צייכענס מיט וועלכע מען בעצייכענט א ציטאטע אדער ווערטער וואס זיינען גענומען פון אן אנדערענס בוך אדער רעדע.

quote *v. and n.* (קהוואוט) אנגעבען א שטעלע פון א בוך, ברייגנען אימעצענס רייד; ציטירען; בעשטימען א פרייז; שטעלען אין גענזענפיסלעך אדער קאוויטשקעס; א ציטאטע.

quo'ted *a.* (קהוואו'-טעד) 1. נאטירט, ציטירט; 2. פערצייכענט [וועגען פרייזען אדער פון קורס].

1. The governor is **quoted** as being in favor of the bill .2. Wheat is **quoted** cheaper than last year.

quote'less *a.* (קהוואוט'-לעס) ניט פעהיג אדער ניט ווירדיג דערמאנט צו ווערען אדער ציטירט צו ווערען.

quote'-mark *n.* (קהוואוט'-מארק) ז. ***quotation-mark***

quo'ter *n.* (קהוואו'-טער) איינער וואס ברייגנט א שטעלע פון א בוך אדער פון אימעצענס רייד; איינער וואס ציטירט אדער נאטירט.

quotes *n.* (קהוואוטס), ציטירונגס-צייכענס, גענזענפיסלעך. ז. ***quotation-mark***

quote'worthy *a.* (קהוואוט'-הוואיר-טהי) וואס איז ווערטה דערמאנט צו ווערען; וואס איז וויכטיג צו ציטירען אדער פארצובריינגען.

quo'tha *int.* (קהוואו'-טהא) ווירקליך! איהר מיינט עס אויף אמת! ? [מייסטענס אין א פעראכטענדען טאן].

quotid'ian *a. and n.* (קהווא-טיד'-אי-ען) טעגליך, אלטעגליך; עטוואס טעגליכעס [ווי טעגליכע קדחת].

quo'tient *n.* (קהוואו'-שענט) דער קוואציענט, די צאהל, וועלכע בעקומט זיךביים צוטיילען איין צאהל אויף אן אנדערער.

Six divided by two give three as a **quotient**.

quoti'ety *n.* (קהווא-טאי'-ע-טי) די פערהעלטניסמעסיגע אפטקייט פון א פאסירונג אדער עראייגנים.

quot'ity *n.* (קהוואט'-אי-טי) די צאהל פון איינצעלנע זאכען אין א זאמלונג.

quo warran'to *n.* (קהוואו הווא-רענ'-טאו) א פאדערונג צו בעווייזען מיט וואס פאר א רעכט איינער האלט אן אמט אדער בענוצט זיך מיט א פריווילעגיע.

Quran' *n.* (קא-רען') דער קאראן. ז. ***Koran***

R

R, r (אר) דער אכטצעהנטער בוכשטאב פון דער ***a-b-c***

Ra *n.* (רא) רא [דער אלט-עגיפטישער הויפט-גאט, דער גאט פון דער זון].

R. A. ***Royal Academy*** ראשי תבות פון ***Rear-Admiral*** און

rab *n.* (רעב) רב [א העברעאישער געלעהרטען טיטול].

rabat' *n.* (רע-בעט') אזא לייווענטענער קאלנער וואס עס טראגען גייסטליכע; א מין פאליר-מאטעריאל.

rabate' *v.* (רע-בייט') ארונטערשלאגען; ארונטערברייגנען; צוריקברייגנען צום יעגער א יאגד-פאלק [כאקאל].

rab'ban *n.* (רעב'-ען) רבן [א תלמודישער טיטול, וועלכער איז העכער אלס רבי].

rab'banist *n.* (רעב'-ענ-איסט) ז. ***rabbinist***

rab'bet *n. and v.* (רעב'-עט) א פוגע אדער א פאלץ [אן איינשנים אין א ברעט, אום עס צוזאמענצושליסען מיט אן אנדערען]; א הובעל צו מאכען פוגען אדער איינשליסונגס-איינשניטע; א פוגען-פעראייניגונג; מאכען איינשליסונגס-איינשניטע, פעראייניגען דורך פוגען.

Rabbets

rab'beting-machine' *n.* (רעב'-עט-אינג-מע-שין') א מאשין צו שניידען פוגעס. ז. ***rabbet***

rab'bet-joint *n.* (רעב'-עט-דזשאינט) א פוגען-פעראייניגונג [פון ברעטער]. ז. ***rabbet***

rab'bet-plane *n.* (רעב'-עט-פליין) א הובעל צו מאכען פוגעס אדער איינשניטע אין ברעטער, אום זיי זאלען זיך קענען ציזאמענשליסען.

rab'bi *n.* (רעב'-אי) רבי, א רב, א ראבינער.

rab'bin *n.* (רעב'-אין) ז. ***rabbi***

rab'binate *n.* (רעב'-אינ-אייט) דאס ראבינאט, די ווירדע אדער דאס אמט פון א רבי, רב אדער ראבינער.

Rabbin'ic *n.* (רע-בינ'-איק) די רבנ'ישע [ראבינישע] שפראך, די העברעאישע שפראך פון די רעליגיעזע שריפטען וואס איז אריין אין געברויך נאך דעם גלות בבל; די שפראך פון די חכמי התלמוד.

rabbin'ic *a.* (רע-בינ'-איק) ז. ***rabbinical***

rabbin'ical *a.* (רע בינ' אי-קעל) רבנ'יש, ראביניש; וואס איז שייך צו דער שפראך פון די אידישע רעליגיעזע שריפטען, וואס איז אריין אין געברויך נאך גלות בבל; וואס איז שייך צו די לעהרען פון די חכמי התלמוד און פון די אחרונים.

rabbin'ical He'brew (רע-בינ'-אי-קעל הי'-ברוה) ז. ***Rabbinic***

rabbin'ically *adv.* (רע-בינ'-אי-קעל-אי) אויף א רבנ'ישען אדער ראבינישען שטייגער; מעשה רב אדער רבי.

rab'binism *n.* (רעב'-אינ-איזם) דער ראביניזם, די לעהרע פון די רבנים, די

לעהרע פון די חכמי התלמוד אדער פון די אחרונים; א רבנ'ייטער אויסדרוק, אן אויסדרוק פון די חכמי התלמוד אדער פון די אחרונים.

rab'binist *n.* (רעב'-אינ-איסט) אן אנהענגער פון דער לעהרע פון תלמוד און פון די אחרונים [א איד, אין געגענזאץ צו א קראי אדער קאראאים, וועלכער אנערקענט ניט די תורה שבעל פה].

rab'binite *n.* (רעב'-אינ-איט) ז. *rabbinist*.

rab'bit *n., v. and int.* (רעב'-איט) א קראליק [קאנינכען]; א האז; פיהרען יאגד אויף קראליקעס; צום טייפעל!

Rabbit

rab'biter *n.* (רעב'-אי-טער) א קראליקעס-יעגער.

rab'bit-hutch *n.* (רעב'-איט-האטש) א שטייג, וואו מען האלט קראליקעס.

rab'bit-root *n.* (רעב'-איט-רוהט) דער ווילדער סאסאפאריל-ווארצעל. ז. *sarsaparilla*.

rab'bitry *n.* (רעב'-איט-רי) א זאמלונג פון קראליקעס; א פלאץ, וואו מען האדעוועט קראליקעס.

rab'bit-war'ren *n.* (רעב'-איט-חוואר'-ען) א פלאץ, וואו מען האדעוועט קראליקעס.

rab'ble *n., a. and v.* (רעבל) א טומעלענדע מחנה, א טומעלענדער המון; דער פעבעל, דער המון; א מישמאש [הויפטזעכליך פון ווערטהלאזע זאכען אדער אונווירדיגע מענשען]; אזא געצייג אדער שטאנג צו מישען געשמאלצענעם אייזען; פעבעלהאפט, גראב, וואולגאר, טומעלדיג; מישען געשמאלצענעם אייזען.

rab'blement *n.* (רעב'ל-מענט) פלאפלעריי; א טומעלענדער המון, אן אונרוהיגע טומעלענדע מחנה; אבפאל.

rab'bler *n.* (רעב'-לער) אזא געצייג אדער שטאנג צו מישען געשמאלצענעם אייזען; איינער וואס מישט צושמאלצענעם אייזען מיט דיזען געצייג.

rabbo'ni *n.* (רע-באו'-ני) רבני [א היוכער תלמוד'ישער טיטול].

rab'doid *n.* (רעב'-דאיד) ז. *rhabdoid*.

rabdol'ogy *n.* (רעב'-דאל'-א-דזשי) ז. *rhabdology*.

rab'domancy *n.* (רעב'-דא-מענ-סי) ז. *rhabdomancy*.

ra'biate *a.* (ריי'-בי-אייט) וויטהענד, ווילד, משוגע. ז. *rabid*.

rab'ic *a.* (רעב'-איק) הידראפאביש, אנגעשטעקט מיט הידראפאביע, וואס קומט פון הידראפאביע אדער וואסער-פורכט [אזא קראנקהייט, משוגעת ביי הינד אדער ביי מענשען, וואס קומט פון דעם ביס פון א משוגע'נעם הונד].

rab'id *a.* (רעב'-איד) 1. וויטהענד, גרימצארנדיג, ווילד, משוגע; ווילד איבערגעבען צו עפעס, ווילד פאנאטיש; 2. הידראפאביש; אנגעשטעקט מיט הידראפאביע אדער וואסער-פורכט ז. *hydrophobia*.

1. He made a **rabid** speech attacking the President. 2. The **rabid** dog was shot.

rab'idly *adv.* (רעב'-איד-לי) מיט וואוטה אדער גרימצארן; ווילד צוקאכט; ווילד, משוגע.

rab'idness *n.* (רעב'-איד-נעס) דאס זיין וויטהענד; ווילדקייט, משוגעת.

ra'bies *n.* (ריי'-בי-איז) הונד-משוגעת; הידראפאביע אדער וואסער-פורכט. ז. *hydrophobia*.

rabiet'ic *a.* (ריי-בי-עט'-איק) וואס איז שייך צו הינד-משוגעת, וואס איז שייך צו הידראפאביע אדער וואסער-פורכט [אזא קראנקהייט וואס קומט פון'ם ביס פון א משוגע'נעם הונד].

rabif'ic *a.* (רע-ביפ'-איק) וואס שטעקט אן מיט הונד-משוגעת, וואס פעראורזאכט הידראפאביע אדער וואסער-פורכט [אזא קראנקהייט וואס קומט פון א ביס פון א משוגע'נעם הונד].

rabigen'ic *a.* (רעב-אי-דזשענ'-איק) ז. *rabific*.

ra'ca *a.* (רא'-קא) ווערטהלאז, פערעכטליך.

raccoon' *n.* (רע-קוהן') ז. *racoon*.

race *n., v. and a.* (רייס) א לויפען, דאס יאגען זיך; א וועט-לויף, א וועט-קאמפף אין שנעלקייט; א קורס, א לעבענס-וועג; א ראסע, א געשלעכט, א שבט, א שטאם; דאס מענשען-געשלעכט; א קינסטליך ארויסגעבראכטער מין פון הויזחיות אדער פון קולטיווירטע פלאנצען; א מין; א שטארקער וואסער-שטראם; דער קאנאל וואס פיהרט דאס וואסער צו א מיהל-ראד און פון דעם מיהל-ראד ווייטער; א ווארצעל; לויפען, זיך יאגען; אנטייל נעהמען אין א וועט-לויף; האלטען פערד צום וועט-לויף; טרייבען [אין א וועט-לויף]; וואס איז שייך צו א ראסע.

race'-card *n.* (רייס'-קארד) א צעטעל מיט אינפארמאציאנען וועגען וועט-לויפען.

race'-cloth *n.* (רייס'-קלאהטה) א זאטעל-דעקע מיט קעשענעס, אין וועלכע מען לעגט אריין געוויכט, אום אויסצוגלייכען די שאנסען ביים וועט-לויפען.

race'-course *n.* (רייס'-קאורס) א פלאץ, וואו עס קומט פאר א וועט-לויף פון פערד; דער קאנאל, וואס פיהרט דאס וואסער צו א מיהל-ראד אדער פון א מיהל-ראד.

race'-cup *n.* (רייס'-קאפ) א בעכער אדער אן אנדער אויסצייכנונגס-צייכען, וואס מען געווינט ביים וועט-לויפען פון פערד.

race'-gin'ger *n.* (רייס'-דזשינ'-דזשער) ניט קיין געבראכענער אדער ניט קיין געמאהלענער אינגבער.

race'-ground *n.* (רייס'-גראונד) א פלאץ וואס איז בעשטימט פאר וועט-לויף.

race'-horse *n.* (רייס'-האהרס) א וועט-לויף פערד; א מין ענטעל [קאטשקע]; א מין היישעריק. ז. *Mantis*.

race'-knife *n.* (רייס'-נאיף) אן אינסטרומענט מיט א פערבויגענעם ענד צו מאכען צייכענס, איינקארבונגען א. ז. וו.

racema'tion *n.* (רעס-אי-מיי'-שאן) דאס בילדען זיך אין בינטלעך [ווי טרויבען]; א בינטעל [ווי פון טרויבען]; בינטעלדיגקייט.

raceme' *n.* (רע-סיעם') א בינטעל [ווי פון טרויבען]; א טרויבענארטיגע בליהונג [ווי למשל, ביי דער מאי-בלום]. ז. *lily-of-the-valley*.

racemed' *a.* (רע-סיעמד') טרויבענארטיג [וועגען בליטהען און פרוכטען]; געוואקסען ווי טרויבען-בינטלעך.

race'-mee'ting *n.* (רייס'-מיע'-טינג) א צוזאמענטרעפונג צוליעב וועט-לויף.

racem'ic *a.* (רע-סעמ'-איק) וואס איז שייך צו בינטלעך טרויבען; וואס איז שייך צו א טרויבענארטיגער בליהונג. ז. *raceme*.

racem'ic ac'id (רע-סעמ'-איק עס'-איד) טרויבען-זויערע.

racemif'erous *a.* (רעס-אי-מיפ'-ע-ראס) וואס בריינגט ארויס טרויבענארטיגע בליטהען. ז. *raceme*.

rac'emose *a.* (רעס'-אי-מאוס) צוזאמענגעשטעלט, געבילדעט ווי בינטלעך טרויבען.

rac'emosely *adv.* (רעס'-אי-מאוס-לי) אין דער פארם פון א בינטעל טרויבען.

rac'emous *a.* (רעס'-אי-מאס) ז. *racemose*.

rac'emule *n.* (רעס'-אי-מיול) א קליין בינטעל [ווי פון טרויבען]; א קליינע טרויבענארטיגע בליהונג. ז. *raceme*.

ra'cer *n.* (ריי'-סער) א לויפער, א וועט-לויפער; א וועט-לויף פערד; עטוואס וואס בעוועגט זיך זעהר שנעל; די שווארצע אמעריקאנישע שלאנג; א מאגערער פיש; א זאמד-קרעבס [ז. *sand-crab*].

ra'ces *n.* (ריי'-סעז) וועט-לויף פון פערד.

race'-track *n.* (רייס'-טרעק) דער פלאץ פון א וועט-לויף פון פערד; דער וועג פון א וועט-לויף.

race'way *n.* (רייס'-הוויי) א קינסטליכער אבגאנג פאר וואסער וואס פליסט פון א וואסער-פאל אדער פון א דאמבע; דער וואסער-וועג צו א מיהל-ראד.

ra'chial *a.* (ריי'-קי-על) ז. *rachidial*.

rachial'gia *n.* (ריי-קי-על'-דזשי-א) וועהטאג אדער נייראלגיע אין ווירבעלזייל [רוקען-ביין, חוט השדרה].

rachid'ial *a.* (רע-קיד'-אי-על) וואס איז שייך צום ווירבעל-זייל [חוט השדרה, רוקען-ביין]; וואס איז שייך צו עטוואס וואס איז עהנליך צו א ווירבעל-זייל [ווי דער טייל פון א פלאנצען-שטענגעל, אויף וועלכען עס געפינען זיך די בליטהען, דער שטענגעל פון א פעדער א. ז. וו.]. ז. *rachis*.

rachid'ian *a.* (רע-קיד'-אי-ען) ז. *rachidial*.

rachip'agus *n.* (רע-קיפ'-ע-גאס) א פערזעהעניש פון צוויי בעשעפענישען וואס זיינען צוזאמענגעוואקסען ביים רוקען-ביין [חוט השדרה].

ra'chis *n.* (ריי'-קיס) דער רוקען-ביין [ווירבעל-ביין, חוט השדרה]; דער טייל פון א פלאנצען-שטענגעל, אויף וועלכען עס וואקסען די בליטהען אדער בלעטלעך [ווען זיי וואקסען פון ביידע זייטען]; דאס שטענגעל אדער די פענקע פון א פעדער.

rachit'ic *a.* (רע-קיט'-איק) וואס ליידט פון ראכיטיס [ענגלישע קראנקהייט. ז. *rachitis*]; וואס איז שייך צום רוקען-ביין [חוט השדרה].

rachi'tis *n.* (רע-קאי'-טיס) ראכיטיס אדער די ענגלישע קראנקהייט [אזא קראנקהייט ביי קינדער. בעשטעהט אין דעם וואס די ביינער זיינען ווייך און ווערען אויסגעקרימט]; אזא קראנקהייט ביי פלאנצען, וואס בעשטעהט אין פריהצייטיגען פאלען פון פרוכטען אדער זאמען.

rach'itome *n.* (רעק'-אי-טאום) אזא מעדיצינישער אינסטרומענט צו עפענען דעם רוקען-ביין קאנאל.

ra'cial *a.* (ריי'-שיעל) וואָס איז שייך צו אַ ראַסע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ ראַסע אָדער פאָלקס-שטאַם.

ra'cially *adv.* (ריי'-שיעל-אי) אין בעצוג צו אַ ראַסע; בעאיינפלוסט פון ראַסען-אייגענשאַפטען אָדער פון פאָלקס-אַבשטאַמונג.

ra'cily *adv.* (ריי'-סי-לי) מיט אַן אייגענטימליכען אַנגענעהמען געשמאַק; פעפערדיג; מיט שאַרפער, אַנגענעהמער אייגענטימליכקייט; נייסטרייך; אויף אַ שאַרפען, קרעפטיגען, פּיקאַנטען אָדער גייסטרייכען אופן.

ra'ciness *n.* (ריי'-סי-נעס) דאָס האָבען אַן אייגענטימליכען אַנגענעהמען געשמאַק; דאָס האָבען שטאַרקע כאַראַקטעריסטישע צייכענס פון אייגענטימליכקייט; שאַרפקייט, קרעפטיגקייט, פּיקאַנטקייט, גייסטרייכקייט.

ra'cing *n.* (ריי'-סינג) דאָס וועט-לויפען; דאָס בעשעפטיגען זיך מיט פעראַנשטאַלטען וועט-לויפען [הויפּטזעכליך פון פערד].

ra'cing-bit *n.* (ריי'-סינג-ביט) אַ לייכטער צוים-געבים פון אַ פערד.

ra'cing-cal'endar *n.* (ריי'-סינג-קעל'-ענ-דאַר) אַ ליסטע פון וועט-לויפען.

rack *n. and v.* (רעק) אַן אַפּאַראַט צום ציהען אָדער שטרעקען; אַ קוועל-מאַשין, אַ מאַשין צו מאַטערען [ווי אין דער שפּאַנישער אינקוויזיציאָן]; די טאַרטור-באַנק [די באַנק אויף וועלכער מען פלעגט אַמאָל פאַנאַנדערציהען די גליעדער פון פערברעכער אָדער אַפּיקורסים [ז. איל.]; דאָס

Rack

מאַטערען; פּייניגונג, קוועלונג; דאָס מאַטערען מיט אַ קוועל-מאַשין אָדער אויף אַ טאַרטור-באַנק; אַ גראַטע; אַ געשטעל; אַ גראַטעדיגער אָדער לעכערדיגער געשטעל, אַלמער אָדער אונטערשטיצונג; אַ משופּע'דיגער טיש צו וואַשען רויהען מעטאַל; אַ צאָהן-שטאַנג [אַן אייזען מיט צייהנער, אין וועלכע עס קומען אַריין די צייהנער פון אַ ראַד]; דאָס האַלז-שטיק פון שעפּסען-פלייש אָדער חזיר; צושטערונג, חורבן; אַזאַ פיש-קאַשיק; אַזאַ מאָס פון שפּיצען [קרוזשעוועס]; אַ מין לויפען פון פערד [אַזוי אַז די הינטערשטע פיס בעוועגען זיך ווי ביים לויפען און די פאָדערשטע — ווי ביי גאַלאָפּ]; ווייטקייט, מאָס [פון אויג, פון בליק]; אַ יונגער האָז; אַראַק [רייז-בראַנפען]; שטיקלעך פליהענדע וואָלקענס; שטרעקען, ציהען, אַנציהען; צורייסען, צוברעכען; מאַטערען דורך אַנשטרענגען אָדער אַנציהען; קוועלען, פּייניגען; דריקען, אויספּרעסען; אַריבערכאַפּען די מאָס; אַנזאַמלען אין אַן אַלמער; נעברויכען אַ גראַטע אָדער געלעכערטען געשטעל; בילדען אַ גראַטע; פערדרעהען [צווייי שטריק]; וואַשען רויהען מעטאַל אויף אַזאַ משופּע'דיגען טיש; זיך בעוועגען אַזוי [ווענען פערד], אַז די הינטערשטע פיס זאָלען זיך בעוועגען ווי געוועהנליך ביים לויפען און די פאָדערשטע ווי אין גאַלאָפּ; אַבציהען, אַבריינינגען פון אַבזאַץ [משקאות].

rack'abones *n.* (רעק'-ע-באָונז) אַ זעהר מאַגערער מענש; אַ זעהר מאַגערע בהמה אָדער חיה.

rack and pin'ion (רעק ענד פּינ'-יאָן) אין מאַשינעריע — אַ קליינער צאָהן-ראָד פעראייניגט מיט אַ צאָהן-שטאַנג.

Rack and Pinion

rack and ru'in (רעק ענד רוה'-אין) אַ פאָלקאָמענע פערניכטונג, אַ פאָלשטענדיגער חורבן.

The tenants moved and left the house in rack and ruin.

rack and worm (רעק ענד הוואָירם) אַ צאָהן-שטאַנג פעראייניגט מיט אַ שנעקען-שרויף.

rack'-car *n.* (רעק'-קאַר) אַ פראַכט-וואַגאָן מיט ווענט און אַ דאַך געמאַכט ווי גראַטעס.

rack'er *n.* (רעק'-ער) איינער וואָס מאַטערט אָדער פּייניגט; איינער וואָס מאַכט אַ תל פון עפּעס; איינער וואָס דריקט אָדער פּרעסט אויס; איינער וואָס ציהט אַב משקאות פון דעם הייוועז [אַבזאַץ]; אַ פאַרריכטונג אַבצוציהען משקאות פון דעם אַבזאַץ; אַ פערד וואָס בעוועגט זיך אַזוי, אַז די הינטערשטע פיס בעוועגען זיך ווי געוועהנליך ביים לויפען און די פאָדערשטע — ווי אין גאַלאָפּ.

rack'et *n. and v.* (רעק'-עט) אַ טומעל, אַ ליאַרם; אַן אונאָרדנונג; אַ טומעלדיגע פערזאַמלונג, אַ ליאַרמדיגע אונטערהאַלטונג; עטוואָס וואָס קומט פאָר; אַ פּלאַן, אַ פּראָיעקט; אַ שלאַג-נעץ [אין טעניס-שפּיעל. ז. איל]; אַ מין נעץ; אַ שנעשוך צו געהן אויף שנעע; אַזאַ שוך פאַר פערד צו ערמעגליכען זיי דעם גאַנג אויף אַ ווייכען אָדער בלאָטיגען באָדען; מאַכען אַ טומעל, זיך בעוועגען מיט ליאַרם; נעהמען אַנטייל אין טומעלדיגע פערזאַמלונגען אָדער אונטערהאַלטונגען; פיהרען אַ צערשטרייטעם לעבען, צו פיעל אַנטייל נעהמען אין געזעלשאַפטליכע אונטערהאַלטונגען; טהאָן עפּעס מיט קראַפט און ענערגיע.



Racket

rack'et-court *n.* (רעק'-עט-קאָורט) אַ טעניס-פּלאַץ, אַ פּלאַץ צו שפּיעלען טעניס. ז. *tennis*

rack'eter *n.* (רעק'-עט-ער) איינער וואָס לעבט אַ טומעלדיג, פרעהליך לעבען.

rcak'et-ground *n.* (רעק'-עט-גראַונד) ז. *tennis-court*

rack'ets *n.* (רעק'-עטס) טעניס-שפּיעל. ז. *tennis*

rack'ettail *n.* (רעק'-עט-טייל) אַ מין זשום-פויגעלע [וואָס האָט צוויי פעדערען אין עק, וועלכע זיינען עהנליך צו אַ טעניס-שלאַג-נעץ]. ז. *humming-bird*

rack'et-tailed *a.* (רעק'-עט-טיילד) וואָס האָט אַן עק וואָס איז עהנליך צו אַ טעניס שלאַג-נעץ [ווענען פויגלען].

rack'ety *a.* (רעק'-עט-אי) טומעלדיג, ליאַרעמדיג.

rack'ing *n.* (רעק'-אינג) דאָס מאַטערען [אויף אַ טאַרטור-באַנק]; אַ שטיקעל שטאָף, מיט וועלכען מען דרעהט צונויף צוויי שיפס-שטריק; ווענען פערד — לויפען אַזוי, אַז די הינטערשטע פיס בעוועגען זיך ווי געוועהנליך און די פאָדערשטע — ווי ביי גאַלאָפּ.

rack'ing-can *n.* (רעק'-אינג-קען) אַ כלי, פון וועלכער מען קען אַרויסציהען דעם וויין אַזוי, אַז דער הייוועז [אַבזאַץ] זאָל בלייבען אונבעריהרט.

rack of bones (רעק אָוו באָונז) אַ סקעלעט.

rack one's brains (רעק הוואַנז ברייגז) זיך צוברעכען דעם קאָפּ.

rack punch (רעק פּאַנטש) פּונש פערפערטיגט מיט אַראַק [רייז-בראַנפען].

rack'-rail *n.* (רעק'-רייל) אַ צאָהן-שטאַנג רעלסע [שינע], נעברויכט פאַר אייזענבאַהן-ליניען אויף בערג.

rack'-rail'way *n.* (רעק'-רייל'-הוויי) אַן אייזענבאַהן, וואָס ווערט געפיהרט מיט דער הילף פון צאָהן-שטאַנגען רעלסען [אין בערגיגע געגענדען].

rack'-rent *n. and v.* (רעק'-רענט) אַ הויט-שינדערישע אַרענדע-צאָהלונג; רייסען צו פיעל אַרענדע-געלד.

rack'-ren'ter *n.* (רעק'-רענ'-טער) איינער וואָס רייסט אונערטרעגליך-הויכעס פאַכט-געלד; איינער, ביי וועמען מען רייסט צו פיעל פאַכט-געלד.

rack'-saw *n.* (רעק'-סאָה) אַ ברייט-צייהניגע זעג.

rack'work *n.* (רעק'-הוואָירק) אַ מעכאַניזם, אין וועלכען עס ווערט געברויכט אַ צאָהן-שטאַנג.

racoon' *n.* (רע-קוהן') אַ וואַש-בער, שופּ אָדער יענאָט [אַזאַ קליין גרוי חיה'לע מיט שוואַרצע רינגען אויף'ן עק].

Racoon

racqu'et *n.* (רעק'-עט) אַ שלאַג-נעץ [אין טעניס-שפּיעל]. ז. *racket*

ra'cy *a.* (ריי'-סי) וואָס האָט אַ בעזונדערען אייגענטימליכען געשמאַק; קרעפטיג, אייגענטימליך; גייסטרייך; שאַרף; וואָס איז שייך צו אַ ראַסע אָדער מין.

rad'dle *n. and v.* (רעדל) אַ שטיקעל האָלץ פון אַ געפלאַכטענעם פּלויט [פּלאַנקען]; אַ געפלאַכטענער פּלויט; אַזאַ פאַרריכטונג ביים וועבען, אַז די פעדים זאָלען זיך ניט פּלאָנטערען; רויטער קרייד, רויט-שטיין; אַ שיכט רויטע פאַרב; אַזאַ שטאַנג צום מישען געשמאָלצענעם אייזען; פלעכטען [פון ריטער אָדער צווייגען]; פאַרבען מיט רויט, שמינקען; פאַרבען מיט רויטען קרייד.

rad'dle-hedge *n.* (רעד'ל-העדזש) אַ געפלאַכטענער פּלויט [פּלאַנקען].

rad'dock *n.* (רעד'-אָק) ז. *ruddock*

radeau' *n.* (רע-דאָו') אַ פּראָם; אַ פּליט.

ra'dial *a. and n.* (ריי'-די-על) שטראַה-

ליג, וואס איז שייך צו א שטראַהל; וואס איז שייך צו א ראַדיוס [א ליניע וואס פעראייניגט דעם צענטער פון א קרייז מיט דער קרייז-ליניע]; וואס קומט ארויס ווי פון א צענטער, וואס איז עהנליך צו א ראַדיוס אדער שטראַהל; וואס איז שייך צום ביין פון פאָדער-אָרם [דער טייל פון דער האנד צווישען דעם עלענבויגען און האנד-געלענק]; א שטראַהל; עטוואס וואס איז עהנליך צו א ראַדיוס אדער שטראַהל; אין אַנאַטאָמיע — דאס שפּינדעל [ז. *radius*].

ra'dial ar'tery (ריי'-די-על אר'-טע-רי) א בלוט-אדער וואס ציהט זיך פון פאָדער-אָרם צו דעם האנד-געלענק, וואו ער פערצווייגט זיך און געהט ביז דער האנד-פלעכע [דאלאָניע].
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

radial'ity *n.* (ריי-די-על'-אי-טי) דאס זיין שטראַהלען-עהנליך אדער עהנליך צו ראַדיוסען [ליניען וואס געהען ארויס אין פערשיעדענע ריכטונגען פון איין צענטער].

radializa'tion *n.* (ריי-די-על-אי-זיי'-שאַן) דאס אננעהמען די פאָרם פון א בינטעל שטראַהלען.

ra'dialize *v.* (ריי'-די-על-איז) מאכען שטראַהלען-עהנליך, צוגעבען עפּעס די פאָרם פון א בינטעל שטראַהלען.

ra'dially *adv.* (ריי'-די-על-אי) אין דער פאָרם פון שטראַהלען אדער ראַדיוסען. ז. *radial*.

ra'dian *n.* (ריי'-די-ען) א טייל פון א קרייז וואס איז גלייך אין לענג צו דעם ראַדיוס פון דעם קרייז [א ראַדיוס איז א ליניע וואס פעראייניגט דעם צענטער פון דעם קרייז מיט דעם אומקרייז]; דער ווינקעל וואס אזא קרייז-טייל בילדעט מיט'ן צענטער פון דעם קרייז [אונגעפעהר 57 גראַד].

ra'diance *n.* (ריי'-די-ענס) גלאַנץ, בליאַסק; שיינונג; שטראַהלונג; אויסשטראַהלונג; אויסשטראַמונג אויף א שטראַהלען-פערמיגען אופן [וועגען ליכט און ווארימקייט].

ra'diancy *n.* (ריי'-די-ען-סי) ז. *radiance*.

ra'diant *a. and n.* (ריי'-די-ענט) שטראַהלענד, שיינענד, גלענצענד; וואס לאָזט ארויס שטראַהלען; עהנליך צו שטראַהלען; אויסשטראַהלענד, אויסשטראַמענד אויף א שטראַהלען-פערמיגען אופן [וועגען ליכט און ווארימקייט].

ra'diant heat (ריי'-די-ענט היעט) אויסשטראַהלענדע היץ [היץ וואס פערשפּרייט זיך אין אלע ריכטונגען פון א ווארימען קערפּער].

ra'diantly *adv.* (ריי'-די-ענט-לי) גלענצענדיג, שטראַהלענדיג, מיט גלאַנץ; אויסשטראַהלענד, פערשפּרייטענדיג זיך ווי שטראַהלען.

ra'diant point (ריי'-די-ענט פּאינט) דער פּונקט, פון וועלכען עס פערשפּרייטען זיך ליכט-שטראַהלען אדער היץ-שטראַהלען.

Radia'ta *n.* (ריי-די-איי'-טא) דער מין שטערען-עהנליכע אדער שטראַהלען-עהנליכע ים-בעשעפעניש, צו וועלכען עס בעלאַנגט דער ים-שטערען. ז. *starfish*.

ra'diate *v., a. and n.* (ריי'-די-אייט) שטראַהלען, גלענצען; זיך פערשפּרייטען אין פערשיעדענע ריכטונגען פון איין צענטער; ארויסלאָזען עפּעס פון זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען [ווי שטראַהלען]; מאכען שטראַהלען-פערמיג; שטראַהליג, וואס לאָזט ארויס פון זיך ווי שטראַהלען, שטראַהלענפערמיג; וואס בעשטעהט פון שטראַהלען אדער שטראַהלען-עהנליכע טיילען, פארגעשטעלט אין שטראַהלען [וועגען פיגורען אויף מטבעות]; א שטראַהל, א שטראַהל-עהנליכער טייל אדער ארויסשטאַרצונג; א שטראַהלען-עהנליכע אדער שטערען-עהנליכע ים-בעשעפעניש [ווי למשל, דער ים-שטערען. ז. *starfish*].

ra'diated *a.* (ריי'-די-איי-טעד) שטראַהליג, וואס לאָזט פון זיך ארויס ווי שטראַהלען; שטראַהלען-פערמיג; וואס בעשטעהט פון שטראַהלען אדער שטראַהלען-עהנליכע טיילען.

ra'diated an'imals (ריי'-די-איי-טעד ענ'-אי-מעלז) ז. *Radiata*.

ra'diately *adv.* (ריי'-די-אייט-לי) אין דער פאָרם פון שטראַהלען, ארויסגעהענדיג אין פערשיעדענע ריכטונגען פון אן אלגעמיינעם צענטער.

ra'diateness *n.* (ריי'-די-אייט-נעס) ז. *radiality*.

radia'tiform *a.* (ריי-די-איי'-טי-פאָרם) שטראַהלען-פערמיג.

ra'diatingly *adv.* (ריי'-די-איי-טינג-לי) ז. *radiately*.

ra'diating point (ריי'-די-איי-טינג פּאינט) ז. *radiant point*.

ra'diating pow'er (ריי'-די-איי-טינג פּאו'-ער) ז. *radiative power*.

radia'tion *n.* (ריי-די-איי'-שאַן) דאס שטראַהלען, שטראַהלונג; אויסשטראַהלונג [פערשפּרייטונג אין פערשיעדענע ריכטונגען פון איין צענטער, ווי למשל, פון היץ]; אין זאָאָלאָגיע — שטראַהלען-עהנליכער קערפּער-בוי.

ra'diative *a.* (ריי'-די-איי-טיוו) היץ-אויסשטראַהלענד.

ra'diative pow'er (ריי'-די-איי-טיוו פּאו'-ער) היץ-אויסשטראַהלונגס-קראַפט, די פעהיגקייט אויסצוטיילען פון זיך ווארימקייט.

ra'diator *n.* (ריי'-די-איי-טאָר) א ווארימקייט-אויסשטראַהלער, עטוואס וואס טיילט פון זיך אויס ווארימקייט; א טייל פון א הייץ-אפּאַראַט צו ווארימען א וואהנונג [ז. איל.]; אן אפּאַראַט צו קיהלען אדער ווארימען.



Radiator

ra'diatory *a.* (ריי'-די-ע-טאָ-רי) ז. *radiated*.

rad'ical *a. and n.* (רעד'-אי-קעל) ראַדיקאַל, פאָלשטענדיג, גרינדליך; ראַדיקאַל, עקסטרעם [אין אנזיכטען]; וואס איז שייך צום סאַמע עצם פון דער זאַך, וואס איז דער הויפּט-עלעמענט, פונדאַמענטאַל; אָרגאַניש, איינגעבאָרען, וואס בעלאַנגט אדער איז שייך צום ווארצעל אדער שרש [פון א פלאַנצע, צאהל אדער ווארט]; א ראַדיקאַל, א ווארצעל, א שטאַם-ווארט אדער ווארט-טייל, א בוכשטאַב וואס בעלאַנגט צום שרש פון א ווארט, דער גרונד-שטאָף פון א כעמישער פערבינדונג; א מענש מיט עקסטרעמע אנזיכטען.

rad'ical expres'sion (רעד'-אי-קעל עקס-פּרעש'-אַן) אן אלגעבראַאישער אויסדרוק וואס ענטהאַלט א ראַדיקאַל-צייכען אדער ווארצעל-צייכען. ז. *radical sign*.

rad'icalise *v.* (רעד'-אי-קעל-איז) ז. *radicalize*.

rad'icalism *n.* (רעד'-אי-קעל-איזם) ראַדיקאַליזם, דאס זיין עקסטרעם אדער גרינדליך, עקסטרעמער פּאָליטישער ליבעראַליזם.

rad'icalize *v.* (רעד'-אי-קעל-איז) מאַכען ראַדיקאַל, ווערען א ראַדיקאַל.

rad'ically *adv.* (רעד'-אי-קעל-אי) 1. ראַדיקאַל, גרינדליך, דורך און דורך, אין עצם, פונדאַמענטאַל; 2. פון דער נאַטור; 3. לויט דער אַבשטאַמונג, פון דעם שרש:

1. His assertions are **radically** wrong. 3. A good many English terms are **radically** derived from Latin words.

rad'icalness *n.* (רעד'-אי-קעל-נעס) דאס זיין ראַדיקאַל, גרינדליך, פונדאַמענטאַל; דאס בעלאַנגען צום ווארצעל אדער צום שרש; דאס זיין אָרגאַניש, דאס בעלאַנגען צום עצם פון דער זאַך.

rad'ical sign (רעד'-אי-קעל סאין) דער ראַדיקאַל-צייכען אדער ווארצעל-צייכען [דער צייכען $\sqrt{}$, וואס בעדייטעט, אז מען דאַרף ארויסבעקומען דעם ראַדיקאַל אדער ווארצעל פון א צאהל, וואס איז גע'כפל'ט אויף זיך אליין איין מאָל אדער מעהרערער מאָל. למשל $\sqrt{25}$, $\sqrt[3]{64}$ א. ז. וו.].

radicand' *n.* (רעד-אי-קענד') ז. *radical expression*.

rad'icant *a.* (רעד'-אי-קענט) וואס לאָזט ארויס ווארצלען.

radica'rian *a.* (רעד-אי-קיי'-רי-ען) וואס איז שייך צו ווארצלען.

rad'icate *v. and a.* (רעד'-אי-קייט) זיך איינווארצלען, לאָזען ווארצלען; איינווארצלען, איינפלאַנצען; איינגעווארצעלט; בעפעסטיגט צו עפּעס.

rad'icated *a.* (רעד'-אי-קיי-טעד) איינגעווארצעלט.

rad'icating *a.* (רעד'-אי-קיי-טינג) ז. *radicant*.

radica'tion *n.* (רעד-אי-קיי'-שאַן) איינווארצלונג; דאס זיין צוגעפעסטיגט.

rad'icel *n.* (רעד'-אי-סעל) א ווארצעל, א קלייגער דינער ווארצעל; איינער פון די ווארצעל-פאַזערען פון א פלאַנצע.

radi'ces *n.* (רע-דאי'-סיעז) ווארצלען [פון ווערטער, צאהלען א. ז. וו.]. ז. *radix*.

radicic'olous *a.* (רעד-אי-סיק'-א-לאָס) וואס לעבט אויף די ווארצלען [הויפּטזעכליך וועגען דער פילאָקסערא אדער פּאַראַזיטען, וואס פערניכטען ווייגטרויבען].

rad'icle *n.* (רעד'-איקל) אין באָטאַניק — א קליין ווארצעלע; אין אַנאַטאָמיע — א ווארצעל-עהנליכער טייל [ווי פון אן אדער אדער פון א נערוו]; אין כעמיע — א ראַדיקאַל, אן אטאָם אדער א גרופּע אטאָמען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר דעם גרונד-עלעמענט פון א כעמישער פערבינדונג.

rat'-a-tat' *n.* (רעט'-ע-טעט') דאס קלאפּען [װי פון א באראבאן].

rat'-catch'er *n.* (רעט'-קעטש'-ער) א ראצען-כאפּער.

ratch *n.* (רעטש) ז. *ratchet-wheel*.

ratch'et *n.* (רעטש'-עט) א שפּאר-האקען אדער שפּאר-ריגעל [א קלײן שפּיציג צינגעלע, װאס שטעלט זיך ארײן צװישען די צײהנדלעך פון א צאהן-רעדעל אנצוטרײבען אדער אבצוהאלטען זײן גאנג, װי אין א זײגער, למשל].

ratch'et-wheel *n.* (רעטש'-עט-הװיעל) א שפּאר-ראד, א פערהאלט-ראד [א צאהן-רעדעל, אין װעלכען עס שטעלט זיך ארײן א קלײן צינגעל אנצוטרײבען אדער צו פערהאלטען זײן גאנג].



Ratchet-wheel

ratch'ety *a.* (רעטש'-ע-טי) װי די בעװעגונגען פון צינגעל װאס פערהאלט א צאהן-רעדעל; אבשפּרינגענד, קלאפּענד.

rate *v. and n.* (רײט) אויסזידלען, אנשרײען, אויסרעדען; אבשאצען; ארויפלעגען א טאקסע, בעשטײערען; סארטירען, בעשטימען צו װאס פאר א קלאס, ראנג אדער לאגע אײנער אדער עפּעס געהערט; די ראטע אדער די מאס פון א זאך [אין איהר פערהעלטנים צו עפּעס]; א פּראפּארציאנעלע סומע אדער גראד; דער װערטה; דער פּרײז; דער ראנג אדער קלאס פון א קריעגס-שיף אדער האנדעלס-שיף; דער גאנג פון •א זײגער [די ארט און װײזע פון זײן לויפען אדער פערשפּעטיגען זיך]; אין ענגלאנד — א טאקסע װאס װערט ארויפגעלעגט אויף אײגענטום פאר לאקאלע בעדערפניסען; א בעשטימטע סומע.

rate'-book *n.* (רײט'-בוק) א שטײער-בוך, א בוך, װאו עס איז פערשריבען די ראטע אדער שטײערען, מיט װעלכע יעדער איז טאקסירט.

rate'payer *n.* (רײט'-פּײ-ער) אין ענגלאנד — א שטײער-צאהלער, אײנער װעלכער איז פערפּפליכטעט צו צאהלען א געװיסען שטײער פאר לאקאלע בעדערפניסען פון דער געמײנדע.

rate'paying *a.* (רײט'-פּײ-אינג) װאס צאהלט א לאקאלען שטײער. ז. *ratepayer*.

ra'ter *n.* (רײ'-טער) דער אבשאצער, דער װאס בעשטימט דעם װערטה פון עפּעס.

rat'-hare *n.* (רעט'-העהר) אזא גרײזשענד חיה'לע עהנליך צו א ראץ פון די בערגיגע לענדער פון אײראפּא און אזיען.

Rat-hare

rath'er *adv.* (רעטה'-ער) פריהער, ניכער, ליעבער, בעסער, פיעל מעהר; עטװאס, צימליך, ניש-קשה'דיג.

rath'er than (רעטה'-ער טהען) עטװאס מעהר אײדער.

rat'-hole *n.* (רעט'-האול) א לאך אין האלץ װאס איז אויסגעגריזשעט פון א ראץ.

ratifica'tion *n.* (רעט-אי-פי-קײ'-שאן) ראטיפיקאציאן, ראטיפיצירונג, בעשטעטיגונג, דאס סאנקציאנירען אדער בעשטעטיגען א זאך װאס איז געטהאן געװארען פון אן אנדערען.

ratifica'tion mee'ting (רעט-אי-פי-קײ'-שאן מיע'-טינג) אין די פעראײניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א ראטיפיקאציאנס-פערזאמלונג, א פּאליטישע פערזאמלונג װאס װערט צוזאמענגערופען, כדי אנצונעהמען און בעשטעטיגען די קאנדידאטור פון אײנעם, װעלכען די פּארטײ האט ארויסגעשטעלט.

rat'ifier *n.* (רעט'-אי-פאי-ער) א בעשטעטיגער, א בעקרעפטיגער, אײנער װאס סאנקציאנירט א זאך װאס איז געטהאן געװארען פון אן אנדערען אדער אנדערע.

rat'ify *v.* (רעט'-אי-פאי) ראטיפיצירען, בעשטעטיגען, בעקרעפטיגען.

ra'ting *n.* (רײ'-טינג) דאס אנזידלען, דאס אנשרײען; דאס אבשאצען, דאס בעשטימען דעם פערהעלטניסמעסיגען װערטה אדער רעכט פון עפּעס; דאס סארטירען אדער פאנאנדערטײלען לויט דעם גראד אדער ראנג.

ra'tio *n.* (רײ'-שיאו) דאס פערהעלטנים, דער ערך, די פּראפּארציע.

ratioc'inant *a.* (רעש-אי-אס'-אי-נענט) װאס ציהט לאגישע שליסע; װאס דענקט לאגיש.

ratioc'inate *v. and a.* (רעש-אי-אס'-אי-נײט) דענקען לאגיש; ציהען שלוס-פאלגערונגען; װאס עס איז איבער דעם געדענקט געװארען.

ratiocina'tion *n.* (רעש-אי-אס-אי-נײ'-שאן) דאס לאגישע דענקען; א לאגישע שלוספאלגערונג, א פערנונפט-שלוס.

ratioc'inative *a.* (רעש-אי-אס'-אי-נע-טיװ) װאס בויט זיך אויף לאגישע שלוס-פאלגערונגען; װאס איז געגרינדעט אויף די שליסע פון פערנונפט.

ra'tion *n. and v.* (רײ'-שאן) א פּארציאן, א פּארציע [א בעשטימטע צאהל פּראװיזיע אדער לעבענס-מיטעל װאס װערט ארויסגעגעבען אויף א בעשטימטער צײט]; ארויסגעבען א פּארציע.

rationabil'ity *n.* (רעש-אנ-ע-ביל'-אי-טי) פערנינפטיגקײט, דאס האבען שכל [אלס אײגענשאפט, מיט װעלכער א מענש אונטערשײדט זיך פון א חיה].

ra'tionable *a.* (רעש'-אנ-עבל) לאגיש דענקענד; שכל'דיג.

ra'tional *a. and n.* (רעש'-אנ-על) פערנינפטיג, פערשטענדיג; שכל'דיג; קלוג; אין מאטעמאטיק — ראציאנאל [װעגען א קװאנטיטעט װאס קען זיך אויסדריקען אין א בעשטימטער צאהל]; אן אוניװערזאליום, אן אלגעמײנהײט; אן אלגעמײנער בעגריף; א סובסטאנץ, דער עיקר פון עפּעס; דער חשן, װאס דער כהן גדול פלעגט טראגען אויף'ן הארצען; א גאלדענע אדער זילבערנע פּלאטע, װעלכע א בישאף פלעגט טראגען בעת דער עבודה אין קירך.

rationa'le *n.* (רעש-א-נײ'-לי) דער שכל פון א זאך, דאס װאס ערקלערט די עקזיסטענץ פון עפּעס; א טעארעטישע ערקלערונג, א לאגישע שלוס-פאלגערונג; דער חשן װאס דער כהן גדול פלעגט טראגען אויף'ן הארצען.

ra'tional hori'zon (רעש'-אנ-על הא-ראי'-זאן) דער אסטראנאמישער האריזאנט [די פלעכע וואס איז פאראלעל דעםווירקליכען האריזאנט און שניידט דורך דעם צענטער פון דער ערד]; די גרענעץ פון ראציאנאלער אדער שכל'דיגער קענטניס.

ra'tional in'stinct (רעש'-אנ-על אינ'-סטינקט) אן איינגעבארענע אידעע; א גלויבען וואס נעהמט זיך ניט פון ערפאהרונג.

ra'tionalism *n.* (רעש'-אנ-על-איזם) ראציאנאליזם, דאס שטעלען העכער דעם שכל איידער אירגענד וועלכע אויטאריטעט אין די פראגען פון גלויבען און אויפפיהרונג; דער ראציאנאליזם [אין פילאזאפיע — די שטה, אז דער ווירקליכער קוואל פון קענטנים איז ניט די ערפאהרונג דורך די חושים, נאר די "ריינע פערנונפט", ד. ה. די אונמיטעלבארע דענקונגס-פעהיגקייט פון מענשען; אין טעאלאגיע — דאס אבלייקענען אין די רעליגיעזע לעהרען און דאגמען אלץ וואס עס לעגט זיך ניט אויף'ן שכל].

ra'tionalist *n.* (רעש'-אנ-על-איסט) א ראציאנאליסט, איינער וואס רעכענט זיך מעהר מיט'ן שכל איידער מיט אן אויטאריטעט אין די פראגען פון גלויבען און אויפפיהרונג; אן אנהענגער פון פילאזאפישען אדער טעאלאגישען ראציאנאליזם. ז. *rationalism*

rationalis'tic *a.* (רעש-אנ-ע-ליס'-טיק) ראציאנאליסטיש, שכל'דיג, פערנינפטיג; וואס איז שייך צו ראציאנאליזם. ז. *rationalism*

rationalis'tical *a.* (רעש-אנ-ע-ליס'-טי-קעל) ז. *rationalistic*

rationalis'tically *adv.* (רעש-אנ-ע-ליס'-טי-קעל-אי) אויף א ראציאנאליסטישען שטייגער. ז. *rationalistic*

rational'ity *n.* (רעש-א-נעל'-אי-טי) ראציאנאליטעט, דענקונגס-פעהיגקייט; פערנינפטיגקייט, שכל'דיגקייט; דאס וואס לעגט זיך אויף'ן שכל.

rationaliza'tion *n.* (רעש-אנ-על-אי-זיי'-שאן) ראציאנאליזירונג, דאס מאכען ראציאנעל אדער דענקבאר; אין אלגעברא — דאס פערוואנדלען אין ראציאנעלע צאהלען [דאס בעפרייען אן אלגעבראאישע גלייכונג פון די ווארצעל-צייכענס. ז. *radical sign*].

ra'tionalize *v.* (רעש'-אנ-על-איז) ראציאנאליזירען, ערקלערען על פי שכל [ווי אין דער רעליגיאן — ערקלערען די נסים און מופתים אויף דעם נאטירליכען וועג]; געהן נאך דעם אייגענעם שכל, ניט האלטען פון קיינע דאגמען.

ra'tionalizer *n.* (רעש'-אנ-על-אי-זער) איינער וואס געהט נאך'ן אייגענעם שכל און גלויבט ניט אין קיינע דאגמען; איינער וואס האלט מיט די ראציאנאליסטען און זייערע מעטאדען. ז. *rationalist*

ra'tional knowl'edge (רעש'-אנ-על נאל'-עדזש) די קענטנים וואס נעהמט זיך פון שכל'דיגע חקירות און ניט פון ערפאהרונג.

ra'tionally *adv.* (רעש'-אנ-על-אי) לויט דער פערנונפט; על פי שכל.

ra'tionalness *n.* (רעש'-אנ-על-נעס) דאס זיין ראציאנאל, דאס געהן נאך'ן שכל.

ratoon' *n.* *and* *v.* (רע-טוהן') א נייע ארויסשפראצונג פון דעם ווארצעל פון אן אבגעשניטענער פלאנצע [ספעציעל פון א צוקער-ראהר]; די הארץ-בלעטער פון א טאבאק-פלאנצע; ארויסלאזען א נייע שפראצונג פון ווארצעל נאכדעם ווי די פלאנצע איז אבגעשניטען געווארען.

rats *int.* (רעטס) אן אויסרוף פון פעראכטונג, סארקאזם אדער גלייכגילטיגקייט.

rats'bane *n.* *and* *v.* (רעטס'-ביין) מייז-סם; ראצען-גיפט, ראצען-פולווער; ארזעניק; פער'סם'ען מייז אדער ראצען מיט ארזעניק.

rat'-tail *n.* *and* *a.* (רעט'-טייל) א מין קראנקהייט ביי פערד פון וועלכער עס קריכט ביי זיי אוים די האר פון עק; אן אויסגעקראכענער עק פון א פערד; וואס האט א ראצען-עק [וועגען א פערד, ביי וועלכען דער עק איז אויסגעקראכען].

rat'tail *n.* (רעט'-טייל) א פערד מיט אן אויסגעקראכענעם עק; איינע פון די מינים פלאנצען, ביי וועלכע די בליהונגען האבען דעם אויסזעהן פון אראבגעהאנגענע עקעלעך; א מין פיש מיט א שפיציגען עק, וואס לעבט זעהר טיעף אין די וואסערען פון אטלאנטישען אקעאן.

rat'-tailed *a.* (רעט'-טיילד) ווי א מייזישער עקעל, וואס האט די פארם פון דעם עק פון א ראץ; מיט אן אויסגעקראכענעם עק [וועגען א פערד].

rattan' *n.* *and* *v.* (רע-טען') ז. *ratan*

ratteen' *n.* (רע-טיען') ראטין [א מין דיקע וואלען-צייג].

rat'ten *v.* (רעטן) פערפאלגען און אונגעווינשטע פערזאן דורך אבטהאן איהם פערשיעדענע שפיצלעך.

rat'ter *n.* (רעט'-ער) א ראצען-פאנגער [איבערהויפט וועגען הינד און קעץ]; א רענעגאט, איינער וואס געהט אריבער אויף דעם שונא'ס זייט; א סקעב, א שטרייק-ברעכער.

rat'-ter'rier *n.* (רעט'-טער'-אי-ער) אזא קליין הינטעל וואס ווערט געלערענט צו פאנגען ראצען אדער מייז.

rattinet' *n.* (רעט-אי-נעט') אזא וואלען-שטאף וואס איז דינער פון ראטין. ז. *ratteen*

rat'ting *n.* (רעט'-אינג) דאס דעזערטירען, דאס אריבערגעהן אויף'ן שונא'ס צד; דאס זיין א סקעב אדער שטרייק-ברעכער; א מין ספארט, ביי וועלכען מען לאזט אריין א הונד אין א שטייג וואו עס געפינען זיך ראצען און מען זעהט וויפיעל ראצען דער הונד איז פעהיג צו טויטען אין א געוויסער צייט.

rat'tish *a.* (רעט'-איש) ווי א ראץ; וואס האט דעם כאראקטער פון א ראץ.

rat'tle *v.* *and* *n.* (רעטל) רוישען, קלאפען, טשען, פילדערען; צומישען, צוטומלען; אויפרעגען; פלאפלען, פלוידערען; זיך בייזערען; אנשרייען; טהאן עפעס מיט ליארם און טומעל; א קלאפעריי, א גערפילדער, א געטומעל; א קלאפער-געצייג, א גראגער, א קאלאקאטקע; א פלאפלער, א פלוידערער; דאס אנזידלען, דאס אנשרייען; א שרייער; דער האהן-קאם [א מין אייראפעאישעם און אזיאטישעם גראז].

rat'tlebrain *n.* (רעט'ל-בריין) א פלוידערזאק, א פלאפלער; א "פוסטע כלי".

rat'tlecap *n.* (רעט'ל-קעפ) א היץ-קאפ; א צולאזען מיידעל.

rat'tlehead *n.* (רעט'ל-העד) ז. *rattlebrain*

rat'tle-head'ed *a.* (רעט'ל-הער'-עד) וואס טומעלט; וואס פלאפעלט; וואס שיט מיט פוסטע רייד.

rat'tle in the throat (רעטל אין טהי טהראוט) ריידען הייזעריג, כארכלען.

rat'tle-pa'ted *a.* (רעט'ל-פיי'-טעד) ז. *rattle-headed*

rat'tler *n.* (רעט'-לער) א פלאפלער, א טומלער, א פלוידערער; א גרויסער אדער פרעכער ליגען; אזא שלאנג; א מין זעהר דינער גאל-מעסער.

rat'tlesnake *n.* (רעט'ל-סנייק) די קלאפער-שלאנג [א גרויסע גיפטיגע שלאנג, וועלכע האט אויף'ן עק אייניגע הארן-רינגען, וואס קלאפען בעת זי בעוועגט זיך].

Rattlesnake

rat'tletrap *n.* (רעט'ל-טרעפ) א קלאפענדע אדער רוישענדע זאך; א ראד וואס קלאפט בעת ער דרעהט זיך.

rat'tletraps *n.* (רעט'ל-טרעפס) כלים אדער זאכען וואס קלאפען זיך איינע אן די אנדערע.

rat'tling *n.* *and* *a.* (רעט'-לינג) דאס קלאפערען, דאס רוישען; דאס אנזידלען, דאס אנשרייען; וואס רופט ארוים א גערויש; וואס עררעגט; שארף, לעבעדיג; אונגעהויער גרוים.

rattoon' *n.* (רע-טוהן') א שפראצונג, וואס וואקסט ארוים פון דעם ווארצעל פון אן אראבגעשניטענער פלאנצע [בעזאנדערס פון אן אבגעשניטענעם צוקער-ראהר]; דער ראטאנג אדער שפאנישער ראהר [אזא פאלמען-בוים]; א שטעקעל פון דיעזען פאלמען-בוים.

rat'-trap *n.* (רעט'-טרעפ) א פאסטקע צו כאפען ראטען [ראצען].

rau'cid *a.* (ראה'-סיד) ז. *raucous*

rau'city *n.* (ראה'-סי-טי) הייזעריגקייט; רויהקייט פון דער שטימע.

rau'cous *a.* (ראה'-קאס) הייזעריג; רויה [וועגען א שטימע אדער קלאנג].

rau'cously *adv.* (ראה'-קאס-לי) אויף א הייזעריגען אופן; מיט א רויהער שטימע.

rav'age *n.* *and* *v.* (רעוו'-עדזש) צושטערונג, פערוויסטונג; פערוויסטען, מאכען א תל, צושטערען, פערניכטען.

rav'ager *n.* (רעוו'-עדזש-ער) א פערוויסטער, א צושטערער; א פלינדערער.

rave *v.* *and* *n.* (רייוו) ריידען פון וועג, ריידען מעשה משוגע'נער; פלוידערען, ריידען וואס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען; ריידען מיט פוסטע קנאקעדיגע פראזען; ריידען מיט גרוים ליארם; ארויםלאזען ווילדע קולות; בושעווען; איינס פון די זייטען-שטיקער פון א וואגען.

rav'el *v.* *and* *n.* (רעוו'-על) פערוויקלען, פערפלאנטערען; אבפלאנטערען, אבוויקלען; זיך פערוויקלען, זיך פערפלאנטערען;

זיך אויסדריבלען; ווערען פערפלאנטערט; ווערען מבולבל, ווערען צוטומעלט; ווערען ביסלעכווייז אויפגעלעזט אדער צופאלען; אין וועבעריי — אזא אינסטרומענט אויסצוגלייכען די פעדים אדער זיי פאנאנדערצוטיילען.

rave'lin *n.* (רעוו'-לין) א ראוועלין, א פארשאנצע [אזא דריי=עקיגע ארויסשטארצונג וואס ווערט צוגעבויט צו א פעסטונג].

rav'eling *n.* (רעוו'ל-אינג) א פאדים אדער אייניגע פעדים וואס ווערט ארויסגעצויגען פון געוועבטען אדער געשטריקטען שטאף.

rav'eling-en'gine *n.* (רעוו'ל-אינג-ענ'-דזשין) א מאשין וועלכע צורייבט לומפען [שמאטעס, לופעטעס] צו מאכען דערפון פאפיער.

rav'elling *n.* (רעוו'ל-אינג) ז. ***raveling***.

rav'elment *n.* (רעוו'ל-מענט) דאס אויסדריבלען, דאס ארויסציהען די פעדים; א מיינונגס=צוטיילונג, א ניט איבעראיינשטימונג, אן אונאייניגונג אין די געפיהלען.

rav'els *n.* (רעוו'-עלז) די צוריסענע אדער פערפלאנטערטע פעדים וואס ווערען אוועקגעווארפען ביים העקלען אדער שטריקען.

ra'ven *n. and a.* (רייוון) א ראב, א שווארצער ראב, א קראהע, א וואראנע; שווארץ ווי א ראב [א וואראנע].

Raven

rav'en *n. and v.* (רעוון) רויב, פערצוקונג; פלינדערונג, רויבעריי; פערשלינגען מיט גיערינקייט, זשעדנע איינשלינגען, אויפפרעסען.

rav'ening *n.* (רעוו'נ-אינג) זשעדנעקייט צו רויב, גיערינקייט.

rav'eningly *adv.* (רעוו'נ-אינג-לי) מיט א רויבערישער זשעדנעקייט; רויב=גיעריג; שטארק זשעדנע, גיעריג.

rav'enous *a.* (רעוו'נ-אס) פרעסעריש, פרעס=גיעריג; זשעדנע, גיעריג; אונערזעטליך.

rav'enously *adv.* (רעוו'נ-אס-לי) מיט גרויס זשעדנעקייט; פרעס=גיעריג.

rav'enousness *n.* (רעוו'נ-אס-נעס) רויב=גיעריגקייט, רויבערישע זשעדנעקייט.

ra'venry *n.* (ריי'וונ-רי) א ראבען=נעסט, אן ארט וואו ראבען [וואראנעס] האלטען זיך אויף.

ra'ven's-duck *n.* (ריי'וונז-דאק) אזא זארט דינער זעגעל=טוך געוועבט פון האנף [קאנאפליע].

ra'ver *n.* (ריי'-ווער) א פערריקטער, א משוגע'נער, א מאניאק.

ravine' *n.* (רע-ווין') א קלופט, א שלוכט, א שמאלער טיעפער טהאל צווישען צוויי בערג; א לאנגער טיעפער גראבען וואס איז דורכגעריסען געווארען פון א וואסערשטראם.

ra'ving *a. and n.* (ריי'-ווינג) וויטהענד, אויפגעקאכט פון צארן; וואס קען ארויסרופען בעוואונדערונג אדער ענטהוזיאזם; איבערראשענד, ערשטוינענד; א ווילדער, משוגע'נער געשריי; א משוגע'נע פלוידעריי.

ra'vingly *adv.* (ריי'-ווינג-לי) מיט ווילדקייט, מיט משוגעת; וויטהענד.

rav'ish *v.* (רעוו'-איש) 1. שענדען, פערגוואלטיגען, מאנס זיין; 2. ענטציקען, הינרייסען; 3. אוועקרויבען, אוועקנעהמען מיט גוואלט.

1. The soldiers of the victorious army **ravished** the women of the town.

rav'isher *n.* (רעוו'-איש-ער) אן אוועקרויבער; א פרויען=שענדער; איינער וואס ענטציקט.

rav'ishing *n. and a.* (רעוו'-איש-אינג) ענטציקונג; דאס מאנס זיין, דאס פערגוואלטיגען; ענטציקענד, הינרייסענד; אוועקרויבענד, אוועקנעהמענד מיט גוואלט; פערגוואלדיגענד, שענדענד.

rav'ishingly *adv.* (רעוו'-איש-אינג-לי) אויף אן ענטציקענדען אופן; הינרייסענד.

rav'ishment *n.* (רעוו'-איש-מענט) ענטציקונג, הינרייסונג; אוועקרויבונג; פערגוואלטיגונג, שענדונג.

rav'issant *a.* (רעוו'-אי-סענט) ווי שפרינגענדיג אויף רויב [וועגען א צייכנונג אויף א שילד אדער וואפען וואס שטעלט פאר א רויב=טהיער שפרינגענדיג אויף דעם רויב].

raw *a. and n.* (ראה) 1. רויה, ניט געקאכט; 2. ניט אויסגעארבייט, ניט בעארבייט; ניט ארויסגעפארטיגט; 3. רויה, שארסטקע; 4. פייכט און קאלט [וועגען וועטער]; 5. אונערפאהרען, "גרין", ניט געאיבט; 6. רויה, הויטלאז [וועגען א וואונד]; שמערצהאפט, עמפפינדליך; 7. ניט געברענט [וועגען ליימענע כלים]; 8. א רויהער ארטיקעל, פראדוקט אדער מאטעריאל; 9. א רויהע וואונד; אן עמפפינדליכער אדער אנגעוועהטאגטער ארט.

1. Boiled milk will last longer than **raw** milk. 2. He is importing **raw** materials from Europe. 4. The day was **raw** and dismal. 5. Most of the sailors were **raw** seamen. 6. The horse had a **raw** spot on his back.

raw'-boned *a.* (ראה'-באונד) מאגער, וואס האט נאר הויט און ביינער.

raw deal (ראה דיעל) א גראבע, ברוטאלע בעהאנדלונג; א בעהאנדלונג מיט רויהער געוואלט.

The radical faction received a **raw deal** at the convention.

raw'head *n.* (ראה'-העד) א סטראשידלע, א שרעקענס=בילד.

raw'hide *n. and a.* (ראה'-האיד) רויה=לעדער, ניט קיין געגארבטע פעל; א בייטש געמאכט פון רויהער פעל; וואס איז געמאכט פון רויהער פעל.

raw'ish *a.* (ראה'-איש) רויהליך.

raw'ly *adv.* (ראה'-לי) רויה, ניט בעארבייט.

raw'ness *n.* (ראה'-נעס) רויהקייט, רויהייט; דאס זיין ניט בעארבייט; נאסקייט און קאלטקייט פון וועטער; אונערפאהרענהייט, אונגעאיבטקייט, "גרינקייט".

raw silk (ראה סילק) רויהער זייד וואס ווערט אראבגעוויקעלט אויף א שפולע פון קאקאן [דאס שפינוועב, אין וועלכען דער זייד=ווארים וויקעלט זיך איין].

raw sore (ראה סאור) א רויהע אדער אפענע וואונד.

rax *v.* (רעקס) אויסשטרעקען; אויסציהען; זיך אויסשטרעקען, זיך אויסציהען.

ray *n. and v.* (ריי) א שטראהל; א ליכט=שטראהל; א שטרייף, א ליניע; אין געאמעטריע — אן אונבעגרענצטע גראדע ליניע; אין זאאלאגיע — א שטראהלען=עהנליכער גליעד אדער טייל [ווי א ביינדעל פון א פלוס=פעדער פון א פיש, די ארעמס פון א שטערען=פיש א. ד. ג.]; אין באטאניק — א שטראהלען=עהנליכע בלום אדער א שטראהלען=עהנליכער טייל פון א בלום; אזא פיש וועלכער זעהט אויס זעהר פלאטשיג דורך דעם וואס ער האט זעהר ברייטע פלוס=פעדערן, וועלכע געהען ביי איהם ארום פון ביידע זייטען און נעהמען ארום זיין גאנצען קערפער ווי די שטראהלען=עהנליכע טיילען פון א פעכער [ז. איל.]; שטראהלען, ארויסלאזען שטראהלען פון זיך; לאזען אויסשטראהלען, מאכען עס זאל שטראהלען; בעצייכענען מיט לאנגע גראדע ליניען ווי שטראהלען.



Ray

Ra'ya *n.* (רא'-יא) א ניט=מאכמעדאנישער אונטערטהאן פון דעם סולטאן אין טערקיי.

Ra'yah *n.* (רא'-יא) ז. ***Raya***.

rayed *a.* (רייד) וואס האט שטראהלען; וואס האט שטראהלען=עהנליכע טיילען [ווי דער שטראהלען=פיש, די שטראהלען=בלומען א. ד. ג.].

ray'ey *a.* (ריי'-אי) וואס בעשטעהט פון שטראהלען; וואס האט שטראהלען.

ray'-flo'ret *n.* (ריי'-פלאו'-רעט) ז. ***ray-flower***.

ray'-flow'er *n.* (ריי'-פלאו'-ער) א שטראהלען=עהנליכע בלום; דער זייטיגער טייל פון א בלומען=בינטעל, וואס האט א בעזונדערען קאליר.

ray'-grass *n.* (ריי'-גרעס) דאס ריי=גראז [א מין גראז וואס ווערט בענוצט אלס פוטער פאר בהמות].

ray'less *a.* (ריי'-לעס) אהן שטראהלען, אהן ליכט, טונקעל; אין זאאלאגיע און באטאניק — וואס האט ניט קיין שטראהלען=עהנליכע טיילען.

ray'-oil *n.* (ריי'-איל) אן אויל אדער טראן וואס בעקומט זיך פון לעבער פון די פלאך=פיש. ז. ***ray***.

ray'onnant *a.* (ריי'-א-נענט) אויסגעשטעלט אין דער פארם פון שטראהלען, וועלכע געהען ארום פון איין צענטער.

raze *v.* (רייז) מאכען א תל, צושטערען, פערטיליגען, אבווישען פון דער ערד; אבמעקען, אויסמעקען.

razee' *n. and v.* (רע-זיע') א קריעגס=שיף וועלכע איז פערקלענערט געווארען דורך אבשניידען איינינע דעקען; אבשניידען א דעק פון א קריעגס=שיף אום זי קלענער צו מאכען; קלענער מאכען דורך אבשניידען אדער אויסשניידען געוויסע טיילען.

ra'zor *n.* (ריי'-זאר) א ראזיר=מעסער, א בריטווע, א גאל=מעסער; דער האק=צאהן [דער ארויסשטארצענדער גרויסער צאהן] פון א ווילדען חזיר.

ra'zor-backed *a.* (ריי'-זאר-בעקט) וואס האט א שארפען רוקען.

ra'zorbill *n.* (ריי'-זאר-ביל) די פעטגאנז [אזא וואסער־פויגעל מיט א שארפען שנאבעל].

Razorbill

ra'zor-billed *a.* (ריי'-זאר-בילד) וואס האט א שארפען שנאבעל [וועגען געוויסע פויגלען].

ra'zor-fish *n.* (ריי'-זאר-פיש) דער מעסער־פיש [א מין פיש וואס האט א רוקען ווי א מעסער]; דער מעסער־מאלוסק [אזא מאלוסק וואס זיין מושעל האט די פארם פון א ראזיר־מעסער].

ra'zor-grass *n.* (ריי'-זאר-גרעס) אזא וועסט־אינדישעס גראז מיט שארפע שניידענדע בלעטער.

ra'zor-hone *n.* (ריי'-זאר-האון) א שארפשטיין צום שארפען ראזיר־מעסערס [בריטוועס].

ra'zor-paste *n.* (ריי'-זאר-פייסט) אזא פאסטע אדער פולווער וואס ווערט בענוצט צו בעשמירען דעם רימען אויף וועלכען מען גלעט אב א ראזיר־מעסער [בריטווע].

ra'zor-shell *n.* (ריי'-זאר-שעל) די מעסער־מושעל [אזא מושעל פון א געוויסען מאלוסק וואס איז עהנליך צו א ראזיר־מעסער].

ra'zor-strap *n.* (ריי'-זאר-סטרעפ) ז. *razor-strop*

ra'zor-strop *n.* (ריי'-זאר-סטראפ) א שטרייך־רימען אנצושארפען און אבצוגלעטען ראזיר־מעסערס [בריטוועס].

raz'zia *n.* (רעט'-סי-א) א מיליטערישע שטראף־עקספעדיציע, וועלכע נעהמט אוועק דאס האב און גוטס פון די, וועלכע זי פערפאלגט; א בעוואפענטע רויבער־באנדע.

R. C. ראשי תבות פון *Roman Catholic*

re *n.* (ריי) רע [דער צווייטער טאן פון א מוזיקאלישער נאטען־סקאלע].

re *n.* (ריע) בעצוג, בעציהונג, פערהעלטניס, אבמאך [א יורידישער אויסדרוק].
The papers in re Brown vs. Smith disappeared from the records of the court.

reabsorb' *v.* (רי-עב-סאהרב') ווידער איינזויגען, צוריק אריינגעהמען אין זיך, אויפס־ניי איינשלינגען.

reabsorp'tion *n.* (רי-עב-סאהרפ'-שאן) ווידער־איינזויגונג; דאס צוריק איינשלינגען אדער איינגעשלונגען ווערען.

reac'cess *n.* (רי-עק'-סעס) דער ווידער־צוטריט, דער צוטריט אויפס־ניי; א בעגייטער איבערפאל; דער ווידער־בעזוך.

reaccom'modate *v.* (רי-ע-קאמ'-א-דייט) אויפס־ניי ברײנגען אין ארדנונג, צוריק צופאסען.

reaccuse' *v.* (רי-ע-קיוז') ווידער בעשולדיגען, אויפס־ניי בעשולדיגען.

reach *v. and n.* (ריעטש) שטרעקען, אויסשטרעקען; דערלאנגען, געבען, נעהמען [אויסשטרעקענדיג די האנד]; גרייכען; דערגרייכען; צוקומען; מאכען א פערזוך עפעס צו דערגרייכען; א שטרעקע; א דערגרייכונגס־שטרעקע, ווירקונגס־ווייטקייט; פעהיגקייט צו ערפילען; פערשטענדניס, פעהיגקייט צו בענעהמען אדער בעגרייפען; א שטרעבונג צו דערגרייכען עפעס; א פלאן, א מיטעל; א שטיק לאנד וואס שניידט זיך אריין מיט א שפיץ אין וואסער.

reach'able *a.* (ריעטש'-עבל) דערגרייכבאר.

reach'er *n.* (ריעטש'-ער) א דערגרייכער; איינער אדער עטוואס וואס דערגרייכט עפעס; עטוואס מיט וואס מען דערלאנגט.

reach'less *a.* (ריעטש'-לעס) אונדערגרייכבאר, וואס קען ניט ערדרייכט ווערען.

reach'-me-down' *a.* (ריעטש'-מי-דאון') פארטיג־געמאכט, טאנדעט.

react' *v.* (רי-עקט') ווידער פארשטעלען אדער שפיעלען [א טעאטער־שטיק]; רעאגירען, צוריקווירקען, געגענווירקען, געגענזייטיג ווירקען.

reac'tion *n.* (רי-עק'-שאן) רעאגירונג אדער רעאקציאן [געגענווירקונג, צוריקווירקונג, געגענזייטיגע ווירקונג]; רעאקציאן, צוריקקעהרונג צו א פריהריגער פאליטישער ארדנונג; געגענערשאפט צום פראגרעס.

reac'tionary *a. and n.* (רי-עק'-שאנ-ע-רי) רעאגירענד, צוריקווירקענד; געגענווירקענד; געגענזייטיג ווירקענד; רעאקציאנער, שטרעבענד אומצוקעהרען א פריהריגע פאליטישע ארדנונג, וואס איז געגען פראגרעס; א רעאקציאנער, איינער וואס קעמפפט געגען דער איצטיגער ארדנונג און שטרעבט אומצוקעהרען די אמאליגע צייטען.

reac'tionist *n.* (רי-עק'-שאנ-איסט) א רעאקציאנער. ז. *reactionary*

reac'tive *a.* (רי-עק'-טיוו) רעאגירענד, צוריקווירקענד; געגענווירקענד, געגענזייטיג ווירקענד.

reac'tively *adv.* (רי-עק'-טיוו-לי) דורך רעאגירונג, צוריקווירקונג, געגענווירקונג אדער געגענזייטיגער ווירקונג.

reac'tiveness *n.* (רי-עק'-טיוו-נעס) געגענווירקונג, רעאגירונגס־פעהיגקייט.

reactiv'ity *n.* (רי-עק-טיוו'-אי-טי) געגענווירקונג, דאס זיין רעאגירענד, צוריקווירקענד אדער געגענווירקענד.

read *v.* (ריעד) לייענען; לייענען אויף'ן קול; פארלעזען; לעזען, ערקלערען [א רעטעניש, א חלום א. ז. וו.]; לערנען, איינלערנען מיט אימעצען; ארויסלייענען, פערשטעהן; ענטדעקען, אויספארשען; אויסטייטשען; ווירקען דורך לייענען; שפיעלען אדער זינגען פון נאטען; שפיעלען אדער זינגען עפעס אויף אן אייגענעם שטייגער; זיך לייענען, קלינגען אלס...; בעדייטען, מיינען; זיך לעזען, זיין ווינשענסווערטה צום לעזען.

read *a.* (רעד) בעלעזען.
He is well read in political economy.

readabil'ity *n.* (ריעד-ע-ביל'-אי-טי) ז. *readableness*

read'able *a.* (ריעד'-עבל) לעזבאר; וואס לעזט זיך לייכט, וואס איז אינטערעסאנט צו לעזען, וואס איז ווערטה געלעזען צו ווערען.

read'ableness *n.* (ריעד'-עבל-נעס) לעזבארקייט; דאס אינטערעסאנטע אדער ווינשענסווערטהע צו לעזען.

read'ably *adv.* (ריעד'-ע-בלי) אויף א לעזבארען אופן.

read a lec'ture (ריעד ע לעק'-טשור) לייענען אדער האלטען א לעקציע; געבען א גאב, אויסזידלען.

read between' the lines (ריעד בי-טהוויען' טהי לאינז) לייענען צווישען די שורות [פערשטעהן דעם פערבארגענעם מיין].

read by sound (ריעד באי סאונד) לעזען א טעלעגראמע לויט די קלאנגען פון טעלעגראפישען אפאראט.

readdress' *v.* (רי-ע-דרעס') צוריק ווענדען, אויפס־ניי אדרעסירען.

readep'tion *n.* (רי-ע-דעפ'-שאן) דאס צוריקקריגען אדער צוריקגעווינען.

read'er *n.* (ריעד'-ער) א לעזער; איינער וואס לעזט מאנוסקריפטען אדער ביכער וואס ווערען צוגעשיקט אין א רעדאקציע; א קארעקטאר; א לעקטאר, א פארלעזער; א בעל קורא; א לעזע־בוך [פאר שוהל־קינדער]; אן ערקלערער, אן אויסטייטשער; איינער וואס שטודירט עפעס.

read'ership *n.* (ריעד'-ער-שיפ) דאס אמט פון אן אוניווערזיטעטס־לעקטאר.

read'ily *adv.* (רעד'-אי-לי) גלייך, באלד, אהן פערציהונג; גרינג, לייכט; גערן, וויליג, גרייט.

read'iness *n.* (רעד'-אי-נעס) פארטיגקייט, גרייטקייט, ווילינקייט; לייכטקייט, גרינגקייט; שנעלקייט, פלינקייט.

read'ing *n. and a.* (ריעד'-אינג) דאס לעזען; א פארלעזונג, א לעקציע; אויסטייטשונג [פון צייכענס, פון חלומות א. ז. וו.]; לעזונג [פון רעטענישען]; דאס וואס ווערט געלעזען; צייכענס אדער אנצייגונגען פון אן אינסטרומענט [ווי א באראמעטער, טערמאמעטער א. ז. וו.]; א פארם, א נוסח, אן אויסדרוק, א פערשיעדענהייט אין אויסדריקע [אין שריפטען]; וואס האט ליעב צו לעזען אדער צו שטודירען.

read'ing-book *n.* (ריעד'-אינג-בוק) א לעזע־בוך; א בוך מיט קאפיטלעך פון הייליגע שריפטען, וואס ווערען פארגעלעזען אין א קירך.

read'ing-boy *n.* (ריעד'-אינג-באי) א אינגעל וואס לעזט פאר מאנוסקריפטען פאר א דרוק־קארעקטאר.

read'ing-clos'et *n.* (ריעד'-אינג-קלאז'-עט) א לעזע־צימערעל פאר א קארעקטאר.

read'ing-desk *n.* (ריעד'-אינג-דעסק) א לעזע־טיש; א הויכער טיש צוגעפאסט צום לעזען שטעהענדיג; א לעזע־פולט אדער סטענדער אין א קירך.

read'ing-glass *n.* (ריעד'-אינג-גלעס) א פערגרעסערונגס־גלאז צום לעזען.

read'ing-lamp *n.* (ריעד'-אינג-לעמפ) א לאמפ צוגעפאסט צום לעזען [געמאכט אזוי, אז די שיין זאל פאלען אויף'ן לעזע־טיש אדער לעזע־סטענדער].

read'ing-mat'ter *n.* (ריעד'-אינג-מעט'-ער) לעזע־שטאף פון א פעריאדישער אויסגאבע [אין געגענזאץ פון מודעות אדער בעצאהלטע אנאנסען].

read'ing-no'tice *n.* (ריעד'-אינג-נאו'-טיס) א בעצאהלטע מודעה אין א פעריא־

דישער אויסגאבע אין דער פארם פון געוועהנליכען לעזע-שטאף.

read′ing-room *n.* (ריעד׳-אינג-רוהם) א לעזע-צימער, א צימער וואו עס זיינען אויסגעלעגט צייטונגען, זשורנאלען און ביכער צום לעזען; דאס צימערעל וואו עס ארבייט דער קארעקטאר פון א צייטונג.

read′ing-stand *n.* (ריעד׳-אינג-סטענד) א לעזע-סטענדער.

read′ing-ta′ble *n.* (ריעד׳-אינג-טיי׳בל) א לעזע-טיש.

readjourn′ *v.* (רי-ע-דזשוירן׳) נאך אמאל אבלעגען; נאך אמאל שליסען א פערזאמלונג און זי אבלעגען.

readjourn′ment *n.* (רי-ע-דזשוירנ׳-מענט) דאס נאך אמאל אבלעגען. ז. *readjourn*.

readjust′ *v.* (רי-ע-דזשאסט׳) ווידער אין ארדנונג ברײנגען; ווידער אויסגלייכען; ברײנגען אין ארדנונג אדער אויסגלייכען אויף א נייעם שטייגער; איינ-ארדנען אויפס-ניי.

readjust′er *n.* (רי-ע-דזשאסט׳-ער) איינער וואס ברײנגט ווידער אמאל אין ארדנונג אדער גלייכט אויס; איינער וואס ארדנעט איין אויפס-ניי אדער אויף א נייעם שטייגער.

Readjust′er *n.* (רי-ע-דזשאסט׳-ער) א ריעדזשאסטער, א מיטגליעד פון א פארטיי אין ווירדזשיניא [איינער פון די פאר-אייניגטע שטאאטען פון נארד-אמעריקא], וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1878 און האט געפאדערט, אז מען זאל פטור ווערען פון די שטאאטס-חובות אויף בעדינגונגען וואס דער שטאאט אליין וועט בעשטימען.

readjust′ment *n.* (רי-ע-דזשאסט׳-מענט) דאס ווידער אמאל ברײנגען אין ארדנונג, אויסגלייכונג אויפס-ניי, איינ-ארדנונג אויפס-ניי אדער אויף א נייעם שטייגער; די פלענער פון די ריעדזשאס-טערס [א געוויסע פארטיי אין ווירדזשי-ניא] פטור צו ווערען פון די שטאאטס-חובות. ז. *Readjuster*.

readmis′sion *n.* (רי-עד-מיש׳-אן) ווידער-צולאזונג, ווידער-אריינלאזונג; ערלויבניס אריינצוקומען נאך אמאל.

readmit′ *v.* (רי-עד-מיט׳) ווידער צו-לאזען, ווידער אריינלאזען.

readmit′tance *n.* (רי-עד-מיט׳-ענס) ז. *readmission*.

read mu′sic (ריעד מיו׳-זיק) לעזען נאטען.

read one to sleep (ריעד הוואן טו סליעפ) איינשלעפערען דורך פארלעזען.

readopt′ *v.* (רי-ע-דאפט׳) ווידער אויפנעהמען, ווידער אננעהמען; אויפס-ניי מאכען פאר אייגענעם [פרעמדעס איי-גענטום]; צוריק אדאפטירען [א קינד].

readorn′ *v.* (רי-ע-דאהרן׳) ווידער בע-שעהנען, אויפס-ניי בעציערען.

read out (ריעד אוט) 1. אויסלייענען [ביז ענדע]; לייענען הויך; 2. ארויס-יאגען, ארויסשטויסען פון א געזעלשאפט דורך אן עפענטליכער ערקלערונג.

2. We shall **read** the bolters **out** of the party.

read up (ריעד אפ) גרינדליך אויסשטו-דירען.

The pupils were told to **read up** on the history of the American Revolution.

readvance′ *v.* (רי-עד-וועגס׳) ווידער פאראווערטס קומען, פון דאס ניי פארט-שרייטען אדער שטייגען.

readver′tency *n.* (רי-עד-וואיר׳-טענ-סי) בעניימע אויפמערקזאמקייט; אויפ-מערקזאמקייט אויפס-ניי.

read′y *a.* and *n.* (רעד׳-אי) פארטיג, צוגעגרייט; פארבערייטעט; ווי-ליג; געשווינד; גענייט; פעהיג, פלינק; באארעס געלד, מזומנים; פארטיגקייט; וויליגקייט; אין מיליטער — דאס האל-טען גרייט די ביקסען צום שיסען נאך דער קאמאנדע "רעדי!" [זייט פארטיג!].

read′y about′ (רעד׳-אי ע-באוט׳) זיך אומדרעהען אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג [אין מיליטער].

read′y-made *a.* (רעד׳-אי-מייד) גרייט-געמאכט; טאנדעט.

I bought a **ready-made** suit.

read′y mon′ey (רעד׳-אי מאנ׳-אי) מזומנים.

read′y pay′ment (רעד׳-אי פיי׳-מענט) א צאהלונג אין מזומנים.

read′y-reck′oner *n.* (רעד׳-אי-רעק׳-נער) א בוך אדער טאבעלע מיט פארטיגע רעכנונגען.

reaffirm′ *v.* (רי-ע-פוירם׳) אויפס-ניי בעהויפטען, בעשטעטיגען אדער פערזיכע-רען.

The convention **reaffirmed** its belief in the party's principles.

reaffir′mance *n.* (רי-ע-פויר׳-מענס) ווידער-בעשטעטיגונג, ווידער-בעהויפ-טונג, ווידער-פערזיכערונג.

reaffirma′tion *n.* (רי-עפ-אויר-מיי׳-שאן) ז. *reaffirmance*.

reaffor′est *v.* (רי-ע-פאר׳-עסט) צוריק פערוואנדלען אין וואלד.

reafforesta′tion *n.* (רי-ע-פאר-עס-טיי׳-שאן) פערוואנדלונג אויפס-ניי אין וואלד.

rea′gency *n.* (רי-איי׳-דזשענ-סי) רע-אגירונג, צוריקווירקונג, געגענווירקונג; אין כעמיע — די ווירקונג פון א רעאגענט. ז. *reagent*.

rea′gent *n.* (רי-איי׳-דזשענט) אין כע-מיע — א רעאגענט אדער רעאקטיוו [א פראביר-מיטעל, א מיטעל ארויסצורופען ענדערונגען אין א שטאף פאר אונטער-זוכונגס-צוועקען]; איינער אדער עפעס וואס רעאגירט אדער ווירקט צוריק.

reaggrava′tion *n.* (רי-עג-רע-וויי׳-שאן) די לעצטע ווארנונג איידער מען לעגט איינעם אריין אין חרם [ביי די קאטוי-ליקען].

reagree′ *v.* (רי-ע-גריע׳) ווידער אמאל מסכים זיין, ווידער זיך אויסגליי-כען; צוריק שלום ווערען.

real′ *n.* (רע-על׳) דער רעאל [א שפא-נישע מטבע פון אונגעפעהר 5 סענט].

re′al *a., n.* and *adv.* (רי׳-על) רעאל, ווירקליך, טהאטזעכליך; וואהר, וועזענט-ליך, נאטירליך; וואס געהערט צו זאכען און ניט בלויז צו ווערטער אדער בעגריי-פען; אין יוריספרודענץ — זאכליך, אונ-בעוועגליך [ווי אונבעוועגליכעס אייגענ-טום]; עכט, ניט נאכגעמאכט אדער פער-פעלשט; א רעאליטעט, אן עקזיסטירענדע זאך; אויף א רעאלען, ווירקליכען שטיי-גער.

re′al ac′tion (רי׳-על עק׳-שאן) א קלא-גע אדער געריכטס-פראצעס וועגען א ווירק-ליכער זאך [ווי וועגען אונבעוועגליכען אייגענטום].

re′al char′acter (רי׳-על קער׳-עק-טער) א שריפט-צייכען, וועלכער שטעלט פאר סימבאליש א זאך; א היעראגליפי-צייכען [ווי למשל, אין די אלט-עגיפטישע היעראגליפען — אן איבערגעפילט שיסע-לע האט בעדייטעט דעם טייך נילוס].

re′al estate′ (רי׳-על עס-טייט׳) גרונד-אייגענטום; אונבעוועגליכעס פערמעגען [ווי לאנד, הייזער א. ז. וו.].

real′gar *n.* (רי-על׳-גאר) רעאלגאר, א בעמישער שטאף פון שוועבעל און ארסע-ניק.

realisa′tion *n.* (רי-על-אי-זיי׳-שאן) ז. *realization*.

re′alise *v.* (רי׳-על-איז) ז. *realize*.

re′alism *n.* (רי׳-על-איזם) רעאליזם [אין דער מאדערנער פילאזאפיע — די לעהרע, אז די סובסטאנץ פון די זאכען, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, עקזיסטירט אין דער אויסערליכער וועלט אונאבהענגיג פון אונזערע פארשטע-לונגען; אין דער מיטעלאלטערליכער פי-לאזאפיע — די לעהרע, אז די אלגעמיינע בעגריפען, ווי חיה, פלאנצע, חכמה, שעהנ-הייט א. ז. וו., האבען א רעאלע עקזיס-טענץ און זיינען ניט בלויז נעמען; אין קונסט און ליטעראטור — די ריכטונג צו מאלען בילדער און פארצושטעלען זאכען, ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות].

re′alist *n.* and *a.* (רי׳-על-איסט) א רעאליסט, אן אנהענגער פון רעאליזם אין פילאזאפישען אדער ליטעראטורישען זין [ז. *realism*]; איינער וואס שטעהט פאר מעכנישע למודים אין די שוהלען אנ-שטאט קלאסישע; רעאליסטיש; וואס איז שייך צו רעאליזם.

realis′tic *a.* (רי-ע-ליס׳-טיק) רעאליס-טיש, ווירקליך, ריכטיג פארגעשטעלט; וואס איז שייך צו רעאליזם אדער צו די רעאליסטען. ז. *realism*.

realis′tically *adv.* (רי-ע-ליס׳-טי-קעל-אי) אויף א רעאליסטישען שטייגער.

real′ity *n.* (רי-על׳-אי-טי) רעאליטעט, דאס ווירקליך-עקזיסטירענדע; ווירקליכ-קייט.

re′alizable *a.* (רי׳-ע-לאי-זעבל) וואס קען פערווירקליכט ווערען.

realiza′tion *n.* (רי-על-אי-זיי׳-שאן) רעאליזירונג, פערווירקליכונג; דאס פיה-לען אדער דאס בעגרייפען די ווירקליכ-קייט פון עפעס; דאס מאכען צו געלד; דאס פערוואנדלען געלד אין גרונד-איי-גענטום.

re′alize *v.* (רי׳-על-איז) 1. רעאליזירען, פערווירקליכען; 2. בעגרייפען, בענעהמען; 3. מאכען רעאליסטיש, מאכען ווי עס וואלט עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט; 4. ארויסקריגען, בעקומען, בעקומען אלס פראפיט; 5. מאכען צו געלד; פערוואנד-לען געלד אין גרונד-אייגענטום.

1. The plan was finally **realized**. 2. We could not **realize** the danger of our position. 4. He **realized** a fortune from his speculation.

reallege′ *v.* (רי-ע-לעדזש׳) ווידער דערצעהלען, ווידער בעהויפטען.

realli′ance *n.* (רי-ע-לאי׳-ענס) דאס ווידער פערבינדען זיך; א בענייטער פער-באנד.

really′ *v.* (רי-ע-לאי׳) ווידער צוזאמענ-שטעלען; ווידער אויסבילדען אדער פאר-מירען.

re′ally *adv.* (רי׳-על-אי) ווירקליך, אין דער טהאט, געוויס, באמת.

I am **really** too tired to talk.

realm *n.* (רעלם) דאס קעניגרייך, דאס רייך; די ספערע פון מאכט, ווירקונג אדער טהעטיגקייט.

re'alness *n.* (רי'-על-נעס) רעאַלקייט, ווירקליכקייט, דאָס זיין רעאַל.

re'al prop'erty (רי'-על פּראָפּ'-ער-טי) ז. *real estate*.

re'al-school *n.* (רי'-על-סקוהל) אַ רעאַל־שולע [אַ מיטעל־שולע וואו מען לערענט מעהר טעכנישע למודים איידער קלאַסישע].

re'al stuff (רי'-על סטאַף) דער ריכטיגער שטאָף, די ריכטיגע זאַך [בעזונדערס וועגען פערשיעדענע שנאַפּסען].

re'alty *n.* (רי'-על-טי) אונבעוועגליכקייט; גרונד־אייגענטום.

ream *v. and n.* (ריעם) מאַכען ברייטער אַ לאָך דורך בויערען; אַ ריעם פּאַפּיער [ענטהאַלט 20 ליוועֶר אָדער 480 בויגען].

rea'mer *n.* (ריע'-מער) איינער וואָס בויערט; אַ געצייג וואָס ווערט געברויכט צו פערגרעסערען אָדער פערברייטערען אַן אויסגעבוירטען לאָך.

ream'putate *v.* (רי-עמ'-פּיו-טייט) נאָך אַמאָל אָבשניידען [אַן אבר].

reamputa'tion *n.* (רי-עמ-פּיו-טיי'-שאַן) דאָס נאָך אַמאָל אָבשניידען [אַן אבר].

rean'imate *v.* (רי-ענ'-אי-מייט) וויעדער בעלעבען; צוריקרופען צום לעבען; קרעפטיגען, שטאַרקען, צוגעבען ענערגיע.

reanima'tion *n.* (רי-ענ-אי-מיי'-שאַן) די וויעדער־בעלעבונג; דאָס צוריקרופען צום לעבען.

reannex' *v.* (רי-ענ-עקס') וויעדער צוזעצען, וויעדער צוגעבען, וויעדער פעראייניגען.

reannexa'tion *n.* (רי-ענ-עק-סיי'-שאַן) די וויעדער־צוזעצונג, די וויעדער־צוגעבונג, די וויעדער־פעראייניגונג.

reanoint' *v.* (רי-ע-נאָינט') וויעדער אַמאָל זאַלבען.

rean'swer *v.* (רי-ענ'-סער) וויעדער ענטפערען.

reap *v.* (ריעפּ) שניידען תבואה, אַראָבנעהמען די תבואה פון די פעלדער; בעקומען די פּרוכט פון דער אַרבייט.

rea'per *n.* (ריע'-פּער) אַ שניטער, אַ שניטערין [איינער אָדער איינע וואָס שניידט תבואה]; אַ מאַשין צו שניידען תבואה.

reap'-hook *n.* (ריעפּ'-הוק) ז. *reaping-hook*.

rea'ping-hook *n.* (ריע'-פּינג-הוק) אַ סערפּ, אַ שניט־מעסער.

rea'ping-machine' *a.* (ריע'-פּינג-מע-שין') אַ שניט־מאַשין [אַ מאַשין צו שניידען תבואה פון די פעלדער].

Reaping-machine

rea'ping-time *n.* (ריע'-פּינג-טאַים) שניט־צייט.

reappar'el *v.* (רי-ע-פּער'-על) וויעדער בעקליידען; איבערקליידען.

reappear' *v.* (רי-ע-פּיער') וויעדער ערשיינען.

reappear'ance *n.* (רי-ע-פּיער'-ענס) די וויעדער־ערשיינונג.

reapplica'tion *n.* (רי-עפּ-לי-קיי'-שאַן) דאָס ווענדען זיך וויעדער, די וויעדער־אַנווענדונג.

reapply' *v.* (רי-ע-פּלאַי') זיך וויעדער ווענדען, אַנווענדען נאָך אַמאָל.

reappoint' *v.* (רי-ע-פּאָינט') וויעדער בעשטימען, בעשטימען נאָך אַמאָל.

reappoint'ment *n.* (רי-ע-פּאָינט'-מענט) די וויעדער־בעשטימונג.

reappor'tion *v.* (רי-ע-פּאָר'-שאַן) וויעדער אויסטיילען.

reappor'tionment *n.* (רי-ע-פּאָר'-שאַן-מענט) דאָס וויעדער פּראָפּאָרציאָנעל צוטיילען, דאָס וויעדער אויסטיילען פּראָפּאָרציאָנעל.

reapproach' *v.* (רי-ע-פּראָוטש') וויעדער דערנעהנטערען זיך; וויעדער נאָהענט צונויפברייגגען אָדער זיך צונויפקומען.

rear *v., n. and a.* (ריער) הויבען, אויפהויבען; אויפשטעלען, אויפבויען; ערציהען, אויפהאָדעווען; קולטיווירען; זיך אויפהויבען; זיך שטעלען דיבאַם [אויף די הינטערשטע פיס]; דער הינטערשטער טייל פון עפּעס; עטוואָס וואָס געפינט זיך הינטען; הינטער־גרונד; די הינטער־אָבטיילונג, די לעצטע אָבטיילונג פון אַן אַרמעע אָדער פלאָטע; הינטער, וואָס געפינט זיך הינטען.

rear'-ad'miral *n.* (ריער'-עד'-מי-רעל) אַ קאָנטר־אַדמיראַל, אַן אונטער־אַדמיראַל [אין אַמעריקאַ זיינען פאַראַן דריי טיטולען אין דער קריעגס־פלאָטע: אַדמיראַל, וויצע־אַדמיראַל און ריער־אַדמיראַל].

rear'er *n.* (ריער'-ער) איינער וואָס ערציהט, האָדעוועט אָדער קולטיווירט; אַ פערד אָדער עזעל וואָס האָט אַ געוואוינהייט זיך צו שטעלען דיבאַם [אויף די הינטערשטע פיס].

rear'-guard *n.* (ריער'-גאַרד) דער אַריערגאַרד, די הינטער־וואַך [אַ מיליטער־אָבטיילונג וואָס האָט די אויפגאַבע צו בעשיצען די הינטערשטע אָבטיילונג פון דער אַרמעע, הויפּטזעכליך ביים צוריקטרעטען].

rear'gue *v.* (רי-אַר'-גיו) איבערדעבאַטירען, אויפס־ניי אויפנעהמען די אַרגומענטאַציאָן אָדער דעם ויכוח.

rear'gument *n.* (רי-אַר'-גיו-מענט) אַ בענייטע אַרגומענטאַציאָן, ויכוח אָדער דעבאַטע.

rear'horse *n.* (ריער'-האָהרס) אַזאַ אינזעקט, וואָס האָט אַ געוואוינהייט זיך צו שטעלען אויף די הינטערשטע פיס. ז. *Mantis*.

rear'ing-bit *n.* (ריער'-אינג-ביט) אַ צוים־געבים [דאָס מויל־אייזענדעל], וואָס צווינגט אַ פערד זיך אויפצושטעלען דיבאַם [אויף די הינטערשטע פיס].

rear'ing-box *n.* (ריער'-אינג-באָקס) אַ קאַסטען, וואו מען קולטיווירט פיש.

rear'most *a.* (ריער'-מאָוסט) וואָס איז סאַמע צום הינטערשטען אָדער צום לעצטען.

rear'mouse *n.* (ריער'-מאַוס) אַ פלעדערמויז.

rearrange' *v.* (רי-ע-ריינדזש') 1. וויעדער ברייגגען אין אָרדנונג; וויעדער איבערשטעלען; צוריק איינריכטען; איינאָרדנען פון דאָס ניי; 2. אויפס־ניי איבערריידען אָדער אָבמאַכען.

1. The furniture in the room was rearranged. 2. The plans had to be rearranged.

rearrange'ment *n.* (רי-ע-ריינדזש'-מענט) אַ נייע איינאָרדנונג; דאָס איינריכטען אָדער איינאָרדנען פון דאָס ניי; דאָס אָבמאַכען אָדער אָבריידען אויפס־ניי.

rear'ward *n.* (ריער'-וואָהרד) אַן אַריערגאַרד [ז. *rear-guard*]; מענשען וואָס געהען הינטען.

rear'ward *a., adv. and n.* (ריער'-וואָרד) וואָס געפינט זיך הינטען, וואָס קומט צו לעצט; פון הינטען; עטוואָס וואָס געפינט זיך פון הינטען אָדער צו לעצט; ענדע.

The battleship sailed away rearward.

reascend' *v.* (רי-ע-סענד') וויעדער אויפשטייגען, וויעדער אַרויפגעהן.

reascen'sion *n.* (רי-ע-סענ'-שאַן) אַ וויעדער־אַרויפשטייגונג, דאָס אַרויפשטייגען פון דאָס ניי; דאָס צוריק אַרויפגעהן.

reascent' *n.* (רי-ע-סענט') דאָס וויעדער־אויפהויבען זיך נאָך אַן אַרונטערלאָזונג.

rea'son *n. and v.* (ריעזן) די פערנונפט; דער פערשטאַנד; אַ פערנינפטיגע איבערלעגונג אָדער שלום־ציהונג; אַ פערנינפטיגע זאַך; אַ [פערנינפטיגע] אורזאַכע אָדער גרונד; דאָס דענקען; אַ לאָגישער אורטייל; דאָס לאָגישע דענקען; אַרגומענטאַציאָן, בעשפּרעכונג; אין לאָגיק — די פּרעמיסע אָדער פּאָדערזאַץ פון אַן אַרגומענט; רעדען, לאָגיש דענקען אָדער אורטיילען, ציהען לאָגישע שליסע; בעשפּרעכען, אַרומריידען, ריידען; בעטראַכטען, אַרגומענטירען, דעבאַטירען; אָנגעבען לאָגישע גרינדע; איבערצייגען דורך אַרגומענטען.

rea'sonable *a.* (ריע'זנ-עבל) פערנינפטיג; מעסיג; ערטרעגליך.

Your request is reasonable and should be granted.

rea'sonable doubt (ריע'זנ-עבל דאַוט) אין יוריספּרודענץ — אַ צווייפעל וואָס קען האָבען אַ גרונד; אַ צושטאַנד, ווען די פאַקטען וואָס זיינען אָנגעגעבען געוואָרען פאַר די געריכטס־געשוואָרענע זיינען ניט גענוג איבערצייגענד.

rea'sonableness *n.* (ריע'זנ-עבל-נעס) פערנינפטיגקייט; מעסיגקייט; ערטרעגליכקייט.

rea'sonably *adv.* (ריע'זנ-ע-בלי) אויף אַ פערנינפטיגען, מעסיגען אָדער ערטרעגליכען אופן.

rea'son down (ריעזן דאַון) בעזיעגען אימעצען מיט אַרגומענטען.

rea'soned *a.* (ריעזנד) 1. דורכגעשטודירט; 2. פאַרזיכטיג דורכגעטראַכט אָדער איבערלעגט; 3. לאָגיש.

2. They agreed upon a well reasoned plan. 3. The judge delivered a reasoned opinion.

rea'soner *n.* (ריע'זנ-ער) אַ פאָרשער, אַ נאָכדענקער, אַ דענקער.

rea'soning *n.* (ריע'זנ-אינג) דאָס דענקען, דאָס אורטיילען מיט פערנונפט; אַרגומענטאַציאָן, לאָגישע בעווייזע.

rea'soning pow'er (ריע'זנ-אינג פּאַו'-ער) אורטיילס־קראַפט, דענקונגס־קראַפט.

The lawyer's argument shows a remarkable reasoning power.

rea'sonless *a.* (ריע'זנ-לעס) אונפערנינפטיג, וואָס האָט ניט קיין זין אָדער בערעכטיגונג.

rea'son of state (ריעזן אָוו סטייט) אַ פּאָליטישער גרונד פון אַ רעגיערונגס־טהעטיגקייט, וועלכער קען ניט פערעפענטליכט ווערען.

rea'son out (ריעזן אַוט) דורכטראַכטען, איבערלעגען, לאָגיש דורכדענקען אָדער דורכדיסקוטירען.

rea'son-piece *n.* (ריע'זנ-פּיעס) אַ זיי־

טעו-קלאץ אונטער די באלקענס פון א הויז.

reassem'blage *n.* (רי-ע-סעמ'-בלעדזש) א וויעדער-פערזאמלונג, דאס פערזאמלען זיך אדער זיך צוזאמענקומען פון דאס ניי.

reassem'ble *v.* (רי-ע-סעמ'בל) וויעדער צוזאמענברייננען; זיך צוזאמענקומען פון דאס ניי.

reassert' *v.* (רי-ע-סוירט') וויעדער בעהויפטען; וויעדער ערקלערען אדער בעשטעהן אויף עפעס.

reasser'tion *n.* (רי-ע-סויר'-שאן) דאס וויעדער בעהויפטען, דאס בעשטעהן אויף עפעס פון דאס ניי.

reassess' *v.* (רי-ע-סעס') וויעדער בעשטייערען, וויעדער ארויפלעגען שטייערען.

reassess'ment *n.* (רי-ע-סעס'-מענט) א באנייטע אדער וויעדערהאלטע בעשטייערונג.

reassign' *v.* (רי-ע-סאין') וויעדער אנווייזען, צוריק איבערווייזען; וויעדער בעשטימען; צוריק אבטרעטען, צוריק איבערטראגען.

reassign'ment *n.* (רי-ע-סאינ'-מענט) דאס איבערווייזען צוריק, דאס צוריק אבטרעטען אדער איבערטראגען; א וויעדער-בעשטימונג.

reassim'ilate *v.* (רי-ע-סימ'-אי-לייט) וויעדער אסימילירען, אויסמישען, אריינ-נעהמען אין זיך אדער גלייך מאכען; וויעדער פערדייהען אדער פערוואנדלען אין אן אנדער שטאף.

reassimila'tion *n.* (רי-ע-סימ-אי-ליי'-שאן). די וויעדער-אסימילירונג; דאס אסימילירען, גלייך מאכען, אויסמישען אדער פערדייהען אויפס-ניי.

reassume' *v.* (רי-ע-סיום') וויעדער אננעהמען אדער מאכען א השערה; וויעדער אויפנעהמען אדער נעהמען אויף זיך.

reassump'tion *n.* (רי-ע-סאמפ'-שאן) דאס צוריק אננעהמען אדער נעהמען אויף זיך; דאס צוריק אננעהמען אלס השערה.

reassur'ance *n.* (רי-ע-שוהר'-ענס) א וויעדער-פערזיכערונג; דאס אומקעהרען דעם מוטה אדער זיכערהייט; איבער-אסעקורירונג [ז. *reinsurance*].

reassure' *v.* (רי-ע-שוהר') 1. וויעדער פערזיכערען; צוריק ערמוטיגען אדער אומקעהרען די זיכערהייט; 2. איבער-אסעקורירען.

1. The doctor **reassured** the family of the patient.

reassur'er *n.* (רי-ע-שוהר'-ער) איינער וואס פערזיכערט אויפס-ניי; איינער וואס קעהרט אום דעם מוטה אדער די זיכערהייט; איינער וואס אסעקורירט איבער אדער נעהמט איבער די ריזיקע פון א פערזיכערונג [אסעקוראנץ].

reassur'ingly *adv.* (רי-ע-שוהר'-אינג-לי) וויעדער-פערזיכערענדיג; אויפס-ניי ערמוטיגענדיג; אומקעהרענדיג דעם מוטה אדער די זיכערהייט.

reast *v.* (ריעסט) [אויף] טריקענען פלייש דער זון אדער אין אן אויווען].

reas'ted *a.* (ריעס'-טעד) טוכלע, ביטערליך, פערשימעלט.

reas'ty *a.* (ריעס'-טי) ז. *reasted*.

rea'ta *n.* (רי-א'-טא) אין דרום-אמעריקא — א מין ארקאן צו כאפען בהמות און חיות.

reattach' *v.* (רי-ע-טעטש') וויעדער בעהעפטען, וויעדער צובינדען אדער בעפעסטיגען; פון דאס ניי ארויפלעגען אן ארעסט.

reattach'ment *n.* (רי-ע-טעטש'-מענט) דאס וויעדער בעהעפטען, פערבינדען אדער בעפעסטיגען; דאס צוריק פערהאלטען; דאס ארויפלעגען אן ארעסט פון דאס ניי.

reattain' *v.* (רי-ע-טיין') וויעדער ער-רייכען.

reattain'ment *n.* (רי-ע-טיינ'-מענט) די וויעדער-דערגרייכונג.

reattempt' *v.* (רי-ע-טעמפט') מאכען אויפס-ניי א פערזוך; וויעדער פרובירען.

reave *v.* (ריעוו) אוועק-אוועקנעהמען, אוועק-רייסען, אוועקרייבען.

reavow' *v.* (רי-ע-וואו') וויעדער ער-קלערען.

reawake' *v.* (רי-ע-הוויק') וויעדער אויפוועקען.

rebap'tism *n.* (רי-בעפ'-טיזם) די וויעדער-טויפע.

rebap'tist *n.* (רי-בעפ'-טיסט) איינער וואס טויפט וויעדער; א וויעדער-געטויפטער.

rebaptiza'tion *n.* (רי-בעפ-טי-זיי'-שאן) דאס וויעדער-טויפען.

rebaptize' *v.* (רי-בעפ-טאיז') וויעדער אמאל טויפען, טויפען פון דאס ניי; צוגעבען א נייעם נאמען [ביים וויעדער-טויפען].

rebapti'zer *n.* (רי-בעפ-טאי'-זער) א וויעדער-טויפער, איינער וואס טויפט נאך אמאל.

rebate' *n. and v.* (רי-בייט') אן אבצוג, א ראבאט; אן אויסשניט ווי א רינע אין האלץ אדער אין אן אנדער מאטעריאל וואס ווערט געמאכט צו פערבינדען צוויי טיילען; א זארט הארטער שטיין וואס ווערט בענוצט צום פלאסטערען גאסען; א האלץ-קלעצעל וואס ווערט בעפעסטיגט צו א הענטעל צו שטויסען וואפען; אויסהובלען אדער אויסשניידען א רינע.

reba'ted *a.* (רי-ביי'-טעד) טעמפ, שטומפף; קורץ אבגעשניטען [וועגען א צייכען אויף א וואפען אדער שילד, בעזאנדערס וועגען א קרייץ].

rebate'ment *n.* (רי-בייט'-מענט) אן אבצוג, א ראבאט; דאס מאכען אדער דאס זיין טעמפ אדער שטומפף; אן אבשניידונג אדער אבקירצונג פון א צייכען [ווי א קרייץ] אויף א וואפען אדער שילד; א פערשמעלערונג, א פערקירצונג.

re'bec *n.* (רי'-בעק) א מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס ווערט גערעכענט אלס די ערשטע פארם פון א וויאלין [פיעדעל].

Rebec

re'beck *n.* (רי'-בעק) ז. *rebec*.

reb'el *n. and a.* (רעב'-על) א רעבעל, אן אויפריהרער, א מיאטעזשניק, א בונטאווישטשיק; וואס רעבעלירט, וואס בונטעוועט, וואס מאכט אן אויפשטאנד.

rebel' *v.* (רי-בעל') רעבעלירען, בונטעווען, רעוואלטירען, מאכען אן אויפשטאנד.

rebel'lion *n.* (רי-בעל'-יאן) א רעבעליאן, אן אויפרוהר, אן אויפשטאנד, א מיאטעזש, א בונט.

rebel'lious *a.* (רי-בעל'-יאס) רעבעליש, אויפריהרעריש, מיאטעזשנע; וויעדערשפענסטיג; וואס האט א וויעדערשטאנד, וואס איז שווער צו בעארבייטען.

rebel'liously *adv.* (רי-בעל'-יאס-לי) אויף א רעבעלישען אופן; רעבעלירענדיג; וויעדערשפענסטיג.

rebel'liousness *n.* (רי-בעל'-יאס-נעס) דאס זיין רעבעליש אדער אויפריהרעריש.

rebel'low *v.* (רי-בעל'-או) אבקלינגען אדער אבהילכען צוריק ווי מיט א רעווען פון אן אקס, אבענטפערען מיט א הילכען וויעדער-קול.

rebirth' *n.* (רי-בוירטה') די וויעדער-געבורט; א וויעדער-אויפלעבונג.

rebite' *v.* (רי-באיט') טיעפער מאכען דורך א כעמישע זויערע אבגעריבענע ליניען אדער צייכנונגען אין גראווירטען מעטאל.

rebi'ting *n.* (רי-באי'-טינג) דאס מאכען טיעפער אבגעריבענע ליניען אדער צייכנונגען אין גראווירטען מעטאל.

rebloom' *v.* (רי-בלוהם') נאך אמאל בליהען, וויעדער אויפבליהען.

reblos'som *v.* (רי-בלאס'-אם) ז. *rebloom*.

reboa'tion *n.* (רעב-א-איי'-שאן) דאס אבקלינגען פון א הויכען קלאנג; א וויעדער-קלאנג, א וויעדער-קול.

reboil' *v.* (רי-באיל') איבערקאכען, קאכען נאך אמאל.

reboise' *v.* (רי-באיז') לאזען צוריק בעוואקסען מיט וואלד, צוריק בעפלאנצען מיט בוימער.

reboise'ment *n.* (רי-באיז'-מענט) דאס צוריק בעפלאנצען מיט בוימער.

reborn' *a.* (רי-בארן') פון דאס ניי געבארען.

rebound' *v. and n.* (רי-באונד') אבשפרינגען צוריק [ווי א צונויפגעדריקטע פרוזשינע]; צוריק פאלען; צוריק ווארפען; אבקלינגען מיט א וויעדער-קול; דאס אבשפרינגען צוריק; דאס צוריקגעווארפען ווערען; אן אבקלאנג, א וויעדער-קול.

rebo'zo *n.* (רע-באו'-זאו) אזא ברייטע לאנגע שאל, וואס ווערט געטראגען פון די פרויען אין די שפאנישע געגענדען פון אמעריקא, ווי אין מעקסיקא א. ד. ג.

rebrace' *v.* (רי-בריים') בענייען די קרעפטען; וויעדער פערשטארקען.

rebreathe' *v.* (רי-בריעטה') וויעדער אטהעמען; וויעדער איינאטהעמען.

rebuff' *v. and n.* (רי-באף') צוריקשטויסען, צוריקווארפען; צוריקווייזען; גראב ענטזאגען; גראב אבענטפערען; א צוריקשטויסונג, א צוריקווארפונג; א צוריקווייזונג; א גראבע ענטזאגונג; א גראבער ענטפער.

rebuild' *v.* (רי-בילד') וויעדער אויפבויען; צוריק אויפשטעלען; איבערבויען.

We are planning to **rebuild** our synagogue.

rebuil'der *n.* (רי-ביל'-דער) א וויעדער-אויפבויער, איינער וואס בויט אויף צוריק.

rebu'kable *a.* (רי-ביו'-קעבל) טאדילינגסווערטה, וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען.

rebuke' *v. and n.* (רי-ביוק') טאדלען, פארווירפע מאכען, אויסזידלען; א טאדעל, א פארוואורף; א בעשטראפונג; א קלאפ.

rebuke'ful *a.* (רי-ביוק'-פול) טאדעלהאפט.

rebuke'fully *adv.* (רי-ביוק'-פול-אי) מיט טאדעל, מיט פארווירפע.

rebu'ker *n.* (רי-ביו'-קער) א טאדלער.

rebu'kingly *adv.* (רי-ביו'-קינג-לי) מיט טאדעל, מיט פארווירפע.

rebur'y *v.* (רי-בער'-אי) פון דאס ניי בעגראבען, וויעדער בעגראבען.

re'bus *n.* *and* *v.* (רי'-באס) א רעבוס, א בילדער=רעטעניש, א רעטעניש מיט בילדער; א צייכנונג אויף א וואפען אדער שילד וואס בעשטעהט פון א בילד מיט א ווארט, וועלכע ביידע צוזאמען דריקען אוים א נאמען; א זאץ וואס בעשטעהט פון בילדער מיט ווערטער [די בילדער ווערען געלעזען ווי ווערטער]; פארשטעלען דורך א רעבוס, בעצייכענען דורך א רעבוס.

rebut' *v.* (רי-באט') צוריקשטויסען, ריקוויזען, אבזאגען; צוריקשלאגען; אבשלאגען א בעווייז דורך א גענען=בעווייז; פארברייננגען אן אבשלאגענדען בעווייז.

rebut'table *a.* (רי-באט'-עבל) וואס קען צוריקגעשטויסען ווערען; וואס קען צוריקגעוויזען אדער אבגעזאגט ווערען; וואס קען אבגעשלאגען ווערען דורך א גענען=בעווייז.

rebut'tal *n.* (רי-באט'-על) א גענען=בעווייז פון אן אנגעקלאגטען אבצושלאגען א בעווייז וואס איז געבראכט נעגען איהם; א צוריקשטויסונג; א צוריקוויזונג, אן אבזאג.

rebut'ter *n.* (רי-באט'-ער) א גענען=ענטפער, אן אבשלאגענדער בעווייז; א צוריקווייזונג.

recal'citrance *n.* (רי-קעל'-סי-טרענס) וויעדערשטרעבונג, דאס ניט וועלען אונטערגעבען זיך; וויעדערשפענסטיגקייט.

recal'citrant *a.* (רי-קעל'-סי-טרענט) וויעדערשטרעבענד, וואס וויל זיך ניט אונטערגעבען, וויעדערשפענסטיג.

recal'citrate *v.* (רי-קעל'-סי-טרייט) וויעדערשטרעבען, זיך ניט וועלען אונטערגעבען; זיין וויעדערשפענסטיג.

recalcitra'tion *n.* (רי-קעל-סי-טריי'-שאן) וויעדערשטרעבונג, דאס ניט וועלען זיך אונטערגעבען, וויעדערשפענסטיגקייט.

recalesce' *v.* (רי-קע-לעס') וויעדער הייס ווערען; אנגעגליהט ווערען, דערגרייכען א צושטאנד פון גליהונג.

recales'cence *n.* (רי-קע-לעס'-ענס) דאס וויעדער אויפגליהען [ווי ביי א ווייס גליהענדען אייזען, ווען עס קיהלט זיך אב ביז 1000 גראד, פאנגט עס אן אויף א ווײלע וויעדער צו גליהען מיט א נאך ווייסערער גלוטה].

recall' *v.* *and* *n.* (רי-קאהל') צוריקרופען, אברופען; אבשאפען; וויעדעררופען; צוריקרופען א געוועהלטען בעאמטען פון זיין אמט דורך פאלקס=אבשטימונג; צוריקברייננגען; זיך דערמאהנען, ברייננגען צוריק אין געדאנק; אן אברוף; א וויעדעררוף; א צוריקרופונג; א צוריקברייננגונג; דאס צוריקרופען א געוועהלטען בעאמטען פון זיין אמט דורך א פאלקס=אבשטימונג; א צוריקרופונגס=סיגנאל.

recall'able *a.* (רי-קאהל'-עבל) וואס קען צוריקגערופען ווערען, וואס קען אבגערופען ווערען.

recall' of judg'es (רי-קאהל' אוו דזשאדזש'-עז) דאס צוריקרופען די וואהל פון א ריכטער [דאס רעכט פון פאלק אראבצוּווארפען א געוועהלטען ריכטער פון זיין אמט, ווען מען איז מיט איהם ניט צופריעדען].

recall' of judi'cial deci'sions (רי-קאהל' אוו דזשו-דיש'-על די סיזש'-אנז) די צוריקרופונג פון א געריכטליכער ענטשיידונג דורך א פאלקס=אבשטימונג [ווי למשל, ווען א ריכטער ענטשיידעט, אז א געוויסער דורכגעפיהרטער געזעץ איז ניט קאנסטיטוציאנעל, און די פאלקס=אבשטימונג איז מבטל דיעזע ענטשיידונג].

recall' to life (רי-קאהל' טו לאיף) צוריקרופען צום לעבען, וויעדער צום לעבען ברייננגען.

recant' *v.* (רי-קענט') וויעדעררופען, צוריקציהען, צוריקנעהמען [א ווארט, א מיינונג א. ד. ג.].

The heretic refused to **recant** his belief.

recanta'tion *n.* (רי-קען-טיי'-שאן) די וויעדעררופונג, די צוריקציהונג, די צוריקנעהמונג [פון ווערטער, פון א מיינונג א. ד. ג.].

recan'tatory *a.* (רי-קען' טע טא-רי) וויעדעררופענד, צוריקציהענד, צוריקנעהמענד.

recan'ter *n.* (רי-קען'-טער) א וויעדעררופער, א צוריקציהער.

recapac'itate *v.* (רי-קע-פעס'-אי-טייט) וויעדער מאכען אימעצען אים שטאנד [עפעס צו טהאן].

recap'italize *v.* (רי-קעפ'-אי-טעל-איז) פון דאס ניי קאפיטאליזירען, פערגרעסערען אדער בענייען דעם קאפיטאל.

recapit'ulate *v.* (רי-קע-פיטש'-יו-לייט) רעזומירען די הויפט=פונקטען, וויעדערהאלען, איבער'חזר'ען דעם גרונד=געדאנק; וויעדערהאלען אין קורצען וואס עס איז שוין געזאגט געווארען.

recapitula'tion *n.* (רי-קע-פיטש-יו-ליי'-שאן) א וויעדערהאלונג פון די הויפט=פונקטען, א וויעדערהאלונג אין קורצען פון דעם וואס עס איז שוין געזאגט געווארען.

recapit'ulative *a.* (רי-קע-פיטש'-יו-ליי-טיוו) וויעדערהאלענד די הויפט=פונקטען, רעזומירענד, איבערחזר'ענד אין קורצען וואס עס איז שוין געזאגט געווארען.

recapit'ulator *n.* (רי-קע-פיטש'-יו-ליי-טאר) איינער וואס וויעדערהאלט אין קורצען.

recapit'ulatory *a.* (רי-קע-פיטש'-יו-ליי-טא-רי) וואס דיענט אלס וויעדערהאלונג; וואס ענטהאלט א קורצע וויעדערהאלונג.

recap'tion *n.* (רי-קעפ'-שאן) די צוריקנעהמונג, די צוריקפערכאפונג; דאס אבנעהמען צוריק עטוואס וואס איז פון איינעם אונגערעכטליך פערכאפט געווארען.

recap'tor *n.* (רי-קעפ'-טאר) איינער וואס נעהמט אב צוריק, איינער וואס פערכאפט צוריק; איינער וואס נעהמט אב צוריק א געפאנגענע שיף אדער פערכאפטעס פערמעגען.

recap'ture *v.* *and* *n.* (רי-קעפ'-טשור) צוריק אבנעהמען, צוריק פערכאפען; צוריק אבנעהמען א געפאנגענע שיף אדער פערכאפטעס פערמעגען; צוריקנעהמונג, צוריקפערכאפונג; די צוריקנעהמונג פון א געפאנגענער שיף אדער פון פערכאפטען פערמעגען; דאס צוריקגענומענע פערמעגען; א צוריקאבגענומענע געפאנגענע שיף.

recarburiza'tion *n.* (רי-קאר-ביו-רי-זיי'-שאן) דאס דערלעגען דעם קויהלען=שטאף וואס איז פריהער אבגענומען געווארען [ווי דאס ווערט געטהאן אין דער פאבריקאציאן פון שטאהל און אייזען].

recar'burize *v.* (רי-קאר'-ביו-ראיז) צוריק דערלעגען דעם קויהלען=שטאף וואס איז פריהער אבגענומען געווארען [ווי דאס ווערט געטהאן אין דער פאבריקאציאן פון שטאהל און אייזען].

recar'nify *v.* (רי-קאר'-ני-פאי) וויעדער פערוואנדלען אין פלייש.

recar'riage *n.* (רי-קער'-עדזש) דאס צוריקטראגען; דאס וויעדערטראגען, דאס וויעדערפיהרען.

recar'ry *v.* (רי-קער'-אי) צוריקטראגען; וויעדער טראגען.

recast' *v.* *and* *n.* (רי-קעסט') וויעדער ווארפען; איבערשמעלצען; איבערמאכען, אומענדערען, אומפארמירען; איבעררעכענען, וויעדער בערעכענען; אן אומשמעלצונג; אן אומענדערונג, אן אומפארמירונג, א מאדיפיקאציאן.

recede' *v.* (רי-סיעד') צוריקוויכען, צוריקטרעטען; זיך צוריקציהען; אבטרעטען.

The United States will not **recede** from its position in regard to Asiatic immigration.

receipt' *n.* *and* *v.* (רי-סיעט') עטוואס וואס ווערט ערהאלטען, דאס ערהאלטענע; אן עמפפאנג, א קבלה, דאס ערהאלטען, דאס בעקומען; א קוויטאנציע, א קוויטונג, א קבלה=צעטעל; הכנסה, איננאהמע; א רעצעפט אדער פארשריפט ווי עטוואס דארף געמאכט ווערען; געבען א קוויטונג אדער א קבלה=צעטעל; קוויטירען.

receipt'able *a.* (רי-סיעט'-עבל) פאר וואס עס קען ארויסגעגעבען ווערען א קוויטאנציע אדער א קבלה=צעטעל.

receipt'-book *n.* (רי-סיעט'-בוק) א קוויטונגס=בוך; א רעצעפט=בוך.

receipt'or *n.* (רי-סיעט'-אר) איינער וואס גיט א קוויטאנציע אדער א קבלה=צעטעל; איינער וואס בעקומט צוריק אויף א קוויטאנציע זיינע זאכען, וועלכע מען האט ביי איהם געזעצליך אבגענומען אדער ארויפגעלעגט אן ארעסט מיט דער בעדינגונג, אז ער וועט זיי צושטעלען צוריק צו יעדער צייט ווען מען וועט עס פון איהם פערלאנגען.

receivabil'ity *n.* (רי-סיע-ווע-ביל'-אי-טי) אננעהמבארקייט; אויפנעהמבארקייט; דאס קענען ערהאלטען ווערען.

recei'vable *a.* (רי-סיע'-וועבל) 1. אננעהמבאר, אנצונעהמען, אויפצונעהמען; 2. וואס קען אדער דארף ערהאלטען ווערען; 3. וואס דארף בעצאהלט ווערען אדער קוויטירט ווערען.

3. Many bills are **receivable** to day.

recei'vableness *n.* (רי-סיע'-וועבל-נעס) ז. *receivability*

receive' *v.* (רי-סיעוו') 1. ערהאלטען, בעקומען, קריגען; 2. עמפפאנגען, מקבל זיין; מקבל פנים זיין; אויפנעהמען; אויפנעהמען געסט [אין א געוויסען טאג]; אנטייל נעהמען אין א קבלת פנים; 3. אריינגעהמען אין זיך, ענטהאלטען; 4. אננעהמען, נעהמען אין בעטראכט, אנערקענען.

1. I **received** your letter. 2. The Mayor **received** the foreign visitor at the City Hall. 4. The testimony was **received** in evidence.

receive' a loss (רי-סיעוו' ע לאהס) ליידען א פערלוסט.

received' *a.* (רי-סיעווד') אלגעמיין אנגענומען; וואס שטארצט ארוים צווישען אנדערע טיילען [ביי אינזעקטען].

received' max'im (רי-סיעווד' מעק'-סים) אן אלגעמיין אנערקענטער גרונד=זאץ.

receiv'edness *n.* (רי-סיעוו'-עד-נעס) דאס זיין אלגעמיין אנגענומען, אן אלגעמיינע אננאהמע [פון א מיינונג אדער אידעע].

receiv'er *n.* (רי-סיעוו'-ער) אן עמפפאנגער, אן אויפנעהמער; א געלד=איינ=

נעהמער, א געלד-עמפפאנגער; א געלד-זאמלער [ווי פון צאל, שטייערען א. ז. וו.]; א פערוואלטער וואס ווערט אנגעשטעלט פון א געריכט איבער א געשעפט, וואס האט באנקראטירט; א צונעהמער אדער בעהאלטער פון גנבות; די טרובקע פון א טעלעפאן, וועלכע נעהמט אויף דעם געשפרעך; דער עמפפאנגס-מאגנעט אדער דער צייכען-געבער פון א טעלעגראף; אין כעמיע — א געפעס צו האלטען דיסטילירטע פראדוקטען אדער גאזען; דער גלעזערנער קאלפאק פון א לופט-פומפע.

receiv'ership *n.* (רי סיעוו'-ער-שיפּ) דאס אמט פון א פערוואלטער וואס ווערט אנגעשטעלט פון געריכט איבער א געשעפט, וואס האט באנקראטירט; דאס אמט פון אן אנגעשטעלטען צו עמפפאנגען אדער איינגעהמען קהל'שע געלדער.

receiv'ing *n. and a.* (רי-סיעוו'-אינג) דאס עמפפאנגען, דאס אויפנעהמען; דאס ערהאלטען, דאס בעקומען, דאס קריגען; עמפפאנגענד, אויפנעהמענד; ערהאלטענד, בעקומענד.

receiv'ing box (רי-סיעוו'-אינג באקס) א בריעף-קאסטען.

receiv'ing-house *n.* (רי-סיעוו'-אינג-האוס) א פאסט-קאנטאר וואו עס ווערען אויפגענומען בריעף און פאקעטען צום אבשיקען.

receiv'ing-ship *n.* (רי-סיעוו'-אינג-שיפּ) א קאזארמע-שיף [א שיף וועלכע שטעהט בעשטענדיג אין האפען אויפצונעהמען און צו האלטען רעקרוטען פאר דער פלאטע ביז זיי ווערען פאנאנדערגעשיקט אויף זייערע פלעצער].

receiv'ing-tomb *n.* (רי-סיעוו'-אינג-טוהם) ז. *receiving-vault*

receiv'ing-vault *n.* (רי-סיעוו'-אינג-וואהלט) א קאמערעל, א הייל אדער סקלעפּ אויף א בית עלמין, וואו מען לעגט אוועק און מען האלט צייטווייליג דעם קערפער פון א טויטען ביז דער קבר ווערט פארטיג.

recel'ebrate *v.* (רי-סעל'-אי-ברייט) ווידער פייערען, ווידער מאכען א יום טוב לכבוד עפעס אדער אימעצען.

recelebra'tion *n.* (רי-סעל-אי-ברײ'-שאן) דאס ווידער פייערען; דאס ווידער מאכען א יום טוב לכבוד עפעס אדער אימעצען.

re'cency *n.* (רי'-סענ-סי) ניט-לאנגקייט; נייקייט, פרישקייט; דאס זיין פון ניט לאנג צוריק.

recense' *v.* (רי סענס') איבערקוקען, איבערזעהען, רעווידירען.

recen'sion *n.* (רי-סענ'-שאן) דאס איבערקוקען אדער רעווידירען עפעס [ווי א שריפט, א בוך א. ד. ג.]; א טעקסט וואס איז קריטיש דורכגעזעהן געווארען; א קריטישע איבערזיכט; א קריטיק.

recen'sionist *n.* (רי-סענ'-שאנ-איסט) אן איבערקוקער פון א טעקסט; א בעל מגיה.

re'cent *a.* (רי'-סענט) פון ערשט ניט לאנג צוריק; וואס האט ערשט פאסירט; פון דער לעצטער געשעהעניש; פון דער לעצטער צייט; ניט אלט, פריש.

Recent events have changed his views on the labor question.

re'cently *adv.* (רי'-סענט-לי) ערשט; נאר וואס; דא ניט לאנג.

They moved from here recently.

re'centness *n.* (רי'-סענט-נעס) דאס זיין פון דער לעצטער צייט; נייקייט, פרישקייט.

re'cent publica'tion (רי'-סענט פּאב-לי-קיי'-שאן) די לעצטע אויסגאבע [פון א ווערק].

re'cept *n.* (רי'-סעפּט) דאס וואס בעקומט זיך; אן אידעע וואס קומט פון אן אויסערליכער ווירקונג; אן אידעע וואס קומט פון בעאבאכטונג.

recep'tacle *n.* (רי-סעפּ'-טעקל) אן ארט עפעס צו ערהאלטען; א שטאף אין וועלכען אן אנדער שטאף ווערט אריינגעטהאן; א זאך וואס נעהמט אריין אן אנדער זאך; אין באטאניק — דער בלומען-באדען [דער טייל פון א פלאנצע, אויף וועלכען עס ענטוויקעלט זיך די בלום]; א קערפער-טייל וואס דיענט אלס רעזערוואואר פאר א פליסיגקייט.

receptac'ular *a.* (רי-סעפּ טעק'-יו-לאר) אין באטאניק — וואס איז שייך צום בלומען-באדען; וואס דיענט אלס רעזערוואואר פאר א פליסיגקייט [וועגען קערפער-טיילען]. ז. *receptacle*

receptibil'ity *n.* (רי-סעפּ-טי-ביל'-אי-טי) דאס קענען ענטהאלטען ווערען, דאס קענען אריינגענומען ווערען; דאס קענען ערהאלטען ווערען.

recep'tible *a.* (רי-סעפּ'-טיבל) וואס קען ערהאלטען ווערען, וואס מען קען ערהאלטען; וואס קען אריינגענומען ווערען אדער ענטהאלטען ווערען.

recep'tion *n.* (רי-סעפּ'-שאן) די אויפנאהמע, דער עמפפאנג, קבלת פנים; דאס אננעהמען עפעס; דאס אריינעהמען אין זיך.

recep'tion-room *n.* (רי-סעפּ'-שאן-רוהם) עמפפאנגס צימער, א גאסט-צימער [דאס צימער וואו מען נעהמט אויף געסט].

recep'tive *a.* (רי-סעפּ'-טיוו) אויפנעהמענד, עמפפענגליך, וואס קען אויפנעהמען; וואס קען אריינעהמען אין זיך אדער ענטהאלטען.

recep'tiveness *n.* (רי-סעפּ'-טיוו-נעס) דאס קענען אויפנעהמען; דאס קענען אריינעהמען אין זיך אדער ענטהאלטען.

receptiv'ity *n.* (רי סעפּ טיוו'-אי טי) דאס האבען די מעגליכקייט אויפצונעהמען אדער צו ערהאלטען.

recess' *n. and v.* (רי-סעס') די פערטיעפונג [א פערטיעפטער ארט אין א וואנד ווי א נישע אדער קעמערעל]; די פערבארגענהייט [פון הארצען]; פערדעקטקייט, געהיימקייט, טיעפקייט [פון א וויסענשאפט]; א צייטווייליגע אונטערברעכונג [פון זיצונגען פון געזעצגעבענדע קערפערשאפטען]; רוה-צייט [ווי צווישען איין שול-לעקציע און א צווייטער]; א טיגעל [צו שמעלצען מעטאל]; מאכען א פערטיעפונג אין א וואנד; בעהאלטען, פערבארגען; מאכען אן אונטערברעכונג, נעהמען זיך א פרייע צייט.

reces'sion *n.* (רי-סעש'-אן) דאס צוריקווייכען, דאס צוריקגעהן; דאס אבטרעטען; צוריקציהונג; דאס אומקעהרען צוריק [ווי דאס אומקעהרען צוריק אן עראבערטעס לאנד צו דעם פאריגען הערשער].

reces'sional *a. and n.* (רי-סעש'-אנ-על) וואס איז פערבונדען מיט א צוריקטרעטונג אדער צוריקציהונג [ווי ביים אוועקגעהן פון גלח און פון דעם כאר פון קלויסטער]; א הימן וואס ווערט געזונגען אין א קלויסטער בעת דער גלח און דער כאר פערלאזען דעם קלויסטער.

reces'sive *a.* (רי-סעס'-איוו) וואס טרעט אב צוריק [הויפטזעכליך וועגען אן אקצענט פון א ווארט וואס טרעט אב צוריק פון דער לעצטער זילבע אויף דער ערשטער].

reces'sively *adv.* (רי-סעס'-איוו-לי) אבטרעטענדיג צוריק.

Rech'abite *n.* (רעק'-ע-באיט) איינער פון די רכבים אדער בני רכב [א סעקטע ביי די פארצייטיגען אידען, וועלכע האט פערבאטען פאר איהרע מיטגליעדער צו געברויכען בערוישענדע געטרענקע ווי וויין, ביער א. ד. ג.]; איינער וואס ברויכט ניט קיין אלקאהאלישע משקאות; א מיטגליעד פון אן אמעריקאנער ארדען "בני רכב", וואו עס איז שטרענג פערבאטען דער געברויך פון פער'שכור'ענדע משקאות.

Rech'abitism *n.* (רעק'-ע-באי-טיזם) די פראקטיק און פרינציפען פון די "בני רכב". ז. *Rechabite*

recharge' *v.* (רי-טשארדזש') פארברייגען א געגען-בעשולדיגונג; ווידער אנלאדען [א שיס-געוועהר]; ווידער אנגרייפען.

rechar'ter *v.* (רי-טשאר'-טער) מאכען א נייעם קאנטראקט; נעהמען א נייע ערלויבנים אויף א געשעפט.

réchauffé' *n.* (ריי-שאו-פיי') ווידער אנגעווארעמטע שפייז; א נייער געמיש פון אלטע מאטעריאלען; אן איבערגעקייעטעס ליטערארישעס ווערק.

recheat' *n. and v.* (רי-טשיעט') דער צוריקרוף, דאס צוריקרופען מיט א טרומייט [יאגד-הינד]; צוריקרופען מיט א טרומייט יאגד-הינד.

recherché' *a.* (רע-שער-שיי') וואס ווערט פיעל געזוכט; זעלטען, אנטיק.

rechoose' *v.* (רי-טשוהז') אויסוועהלען פון דאס ניי; ווידער אויסקלייבען, ווידער אויסוועהלען.

rechose' (רי-טשאוז') ווידער אויסגעוועהלט. ז. *rechoose*

rechris'ten *v.* (רי-קריס'ן) ווידער טויפען; ווידער געבען א נאמען.

recid'ivist *n.* (רי-סיד'-אי-וויסט) א רעצידיוויסט, איינער וואס האט בעגאנגען דאס צווייטע מאל דעמזעלביגען פערברעכען, פאר וועלכען ער איז שוין איינמאל בעשטראפט געווארען.

rec'ipe *n.* (רעס'-אי-פי) 1. א רעצעפט; 2. א פארשריפט ווי אזוי צוצוגרייטען א געריכט.

2. The cook mislaid the recipe for this dish.

recip'ience *n.* (רי-סיפּ'-אי-ענס) ז. *recipiency*

recip'iency *n.* (רי-סיפּ'-אי-ענ-סי) דאס ערהאלטען.

recip'ient *n. and a.* (רי-סיפּ'-אי-ענט) אן ערהאלטער, אן עמפפאנגער, א צונעהמער; אן אפאראט וואס נעהמט צו אדער נעהמט עפעס איין; ערהאלטענד; וואס נעהמט עפעס איין.

recip'rocal *a. and n.* (רי-סיפּ'-רא-קעל) געגענזייטיג, וועקסעלזייטיג; געגענזייטיג ווירקענד [איינער אויף'ן צווייטען און אומגעקעהרט]; דאס וואס איז געגענזייטיג צו אן אנדער זאך; וואס בעוועגט זיך הין און צוריק; אין מאטעמאטיק — די רעסיפראקע גרעסע [די צאהל וואס בעקומט זיך פון צוטיילען אן איינס אויף דער אנגעגעבענער צאהל, ווי למשל, די רעסיפראקע גרעסע פון 5 וועט זיין $\frac{1}{5}$, די רעסיפראקע גרעסע פון $\frac{1}{5}$ וועט זיין 5].

recip'rocal interac'tion (רי-סיפּ'-

רא-קעל אינ-טער-עק'-שאן) געגענזייטיגע ווירקונג.

reciprocal'ity *n.* (רי-סיפ-רא-קעל'-אי-טי) דאס זיין געגענזייטיג אדער וועקסעלזייטיג.

recip'rocally *adv.* (רי-סיפ'-רא-קעל-אי) דורך געגענזייטיגקייט; דורך איבעראיינשטימונג; אויף א וועקסעלזייטיגען שטייגער.

recip'rocalness *n.* (רי-סיפ'-רא-קעל-נעס) געגענזייטיגקייט, וועקסעלזייטיגקייט.

recip'rocal quan'tities (רי-סיפ'-רא-קעל קהוואנ'-טי-טיז) געגענזייטיגע צאהלען [אזעלכע צאהלען, פון וועלכע עס בעקומט זיך אן איינס, ווען מען כפל'ט זיי איינע אויף דער אנדערער, ווי למשל די צאהלען $\frac{3}{5}$ און $\frac{5}{3}$].

recip'rocate *v.* (רי-סיפ'-רא-קייט) אבוועקסלען, ערוויעדערען, געבען צוריק; ווירקען וועקסעלווייז; בעוועגען הין און צוריק.

reciproca'tion *n.* (רי-סיפ-רא-קיי'-שאן) אבוועקסלונג, וועקסעלזייטיגקייט, געגענזייטיגקייט; דאס בעוועגען זיך הין און צוריק.

recip'rocative *a.* (רי-סיפ'-רא-קיי-טיוו) וואס איז געגענזייטיג.

recip'rocatory *a.* (רי-סיפ'-רא-קיי-טא-רי) וואס געהט פון איינעם אויף'ן צווייטען און פון צווייטען צוריק צום ערשטען; וואס וועקסעלט זיך אין ריכטונג אדער טהעטיגקייט.

reciproc'ity *n.* (רעס-אי-פראס'-אי-טי) געגענזייטיגע בעציהונג; געגענזייטיגע הנחות; געגענזייטיגקייט; וועקסעלזייטיגקייט; געגענזייטיגע גלייכע האנדעלס=פריווילעגיעס פאר בירגער פון צוויי לענדער.

reci'tal *n.* (רי-סאי'-טעל) דאס איבערדערצעהלען, דאס איבערזאגען עפעס וואס איז שוין פון פריהער בעוואוסט; א פארלעזונג, א דעקלאמאציאן; דאס שפיעלען א מוזיקאליש שטיק פון איין פערזאן; דער טייל פון א געזעצליכען אבמאך, וואס גיט אן די אורזאכען, וואס פיהרען צום אבמאך; א צופעליגער פאקט אין א געזעצליכען אבמאך.

recita'tion *n.* (רעס-אי-טיי'-שאן) דאס דערצעהלען אדער איבער'חזר'ען עפעס אויף אויסוועניג; דאס דעקלאמירען; דאס איבער'חזר'ען די אוראקען [לעקציעס, אויפגאבען].

recita'tionist *n.* (רעס-אי-טיי'-שאנ-איסט) איינער וואס דערצעהלט איבער אדער לעזט פאר א מעשה; איינער וואס דעקלאמירט אדער שפיעלט א מוזיקאליש שטיק.

recita'tion-room *n.* (רעס-אי-טיי'-שאנ-רוהם) א צימער אין א שול, וואו די שילער חזר'ען איבער זייערע אוראקען [לעקציעס, אויפגאבען].

recitative' *n. and a.* (רעס-אי-טע-טיוו') אין מוזיק — רעטשיטאטיוו, דעקלאמאציאן אין געזאנג [אזא ארט געזאנג, וואו די ווערטער ווערען מעהר געזאגט איידער געזונגען]; אין דער פארם פון א רעטשיטאטיוו; מעהר געזאגט איידער געזונגען.

recitative'ly *adv.* (רעס-אי-טע-טיוו'-לי) אין מוזיק — רעטשיטאטיוויש, מעהר רעדענדיג איידער זינגענדיג.

recitati'vo *n.* (ריי-טשי-טע-טי'-ווא) רעטשיטאטיוו. ז. *recitative*.

recite' *v.* (רי-סאיט') דערצעהלען; וויעדערהאלען, איבערזאגען; דעקלאמירען, פארלעזען; זינגען אין רעטשיטאטיוו. ז. *recitative*.

reci'ter *n.* (רי-סאי'-טער) אן ערצעהלער; א דעקלאמירער, א פארלעזער.

reck *v.* (רעק) זיך קימערען וועגען עפעס.

reck'less *a.* (רעק'-לעס) אונבעקימערט, זארגלאז, אונאיבערלעגט, אונבעזאנען.

reck'lessly *adv.* (רעק'-לעס-לי) זארגלאז, זיך ניט קימערנדיג וועגען קיין זאך, אהן איבערלעגונג, אונבעזאנען.

reck'lessness *n.* (רעק'-לעס-נעס) אונבעקימערטקייט, זארגלאזיגקייט, אונבעזארגטקייט, אונאיבערלעגטקייט, אונבעזאנענהייט.

reck'on *v.* (רעקן) רעכנען, צוזאמענרעכנען, צעהלען; אריינרעכנען אין חשבון; צורעכנען, צושרייבען; האלטען פאר...; בעטראכטען אלס אזא אדער אזא; אויסרעכנען; רעכענען אדער בויען אויף עפעס; מיינען, דענקען.

reck'oner *n.* (רעק'נ-ער) א רעכנער, א בערעכנער.

reck'oning *n.* (רעק'נ-אינג) דאס רעכנען, די בערעכנונג; דאס סלוק'ען א חשבון, דאס אברעכנען זיך; א רעכנונג פון די קאסטען; דאס אויסרעכנען דעם ארט וואו די שיף געפינט זיך אין ים; דאס נעהמען אין אנבעטראכט, שעצונג; רעפוטאציע; שטעלע, לאגע [אין בעצוג צו ראנג, ווערטה א. ז. וו.].

reck'oning-book *n.* (רעק'נ-אינג-בוק) א רעכנונגס=בוך [א בוך וואו עס ווערען פערשריבען אלע הכנסות און הוצאות].

reclaim' *v. and n.* (רי-קליים') פאדערען צוריק, וויעדער פערלאנגען; בעסערען, בעלעהרען; רעפארמירען; צוריקקריעגען, צוריק בעקומען; צוימען [ווילדע חיות]; מאכען געהארכזאם, צוגעוועהנען; פראטעסטירען; דאס אויסבעסערען, דאס רעפארמיהען; דאס פערלאנגען צוריק; דאס צוריקקריעגען; דאס מאכען קולטיווירבאר [לאנד].

reclai'mable *a.* (רי-קליי'-מעבל) וואס קען רעפארמירט אדער אויסגעבעסערט ווערען; וואס מען קען צוריקקריעגען אדער צוריק בעקומען; וואס מען קען צוריקפאדערען; וואס מען קען צוימען [וועגען ווילדע חיות]; וואס מען קען מאכען ניצליך אדער קולטיווירבאר [וועגען לאנד].

reclai'mably *adv.* (רי-קליי'-מע-בלי) אזוי, עס זאל קענען אויסגעבעסערט ווערען; אזוי אז מען זאל קענען צוריק פאדערען אדער צוריק בעקומען.

reclaim'less *a.* (רי-קליים'-לעס) וואס קען ניט געבעסערט ווערען; וואס קען ניט צוריקגעפאדערט ווערען; וואס מען קען ניט צוריקקריעגען.

reclama'tion *n.* (רעק-לע-מיי'-שאן) די בעסערונג; דאס רעפארמירען; דאס פאדערען דעם צוריקקעהר פון עפעס; דאס מאכען הויזליך אדער געצוימט [ווי ווילדע חיות]; דאס מאכען קולטיווירבאר אדער ניצליך [לאנד]; א פראטעסט.

Reclama'tion law (רעק-לע-מיי'-שאן לאה) א געזעץ אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא פון יאהר 1902, לויט וועלכען עס ווערט יעדען יאהר בעשטימט א געוויסע סומע פאר דער בעוואסערונג און בעארבייטונג פון וויסטע לענדער אין די מערב=שטאאטען.

réclame' *n.* (ריי-קלאם') דאס רעקלאמירען, דאס מודיע זיין פאר אלעמען; א רעקלאמע.

reclasp' *v.* (רי-קלעספ') וויעדער פעסט אננעהמען.

rec'linate *a.* (רעק'-לי-נייט) וואס בויגט זיך אראב.

reclina'tion *n.* (רעק-לי-ניי'-שאן) די לעהנונג, די איינגעבויגענקייט.

recline' *v.* (רי-קלאין') אנלעהנען, איינבויגען, צובויגען; זיך לעהנען, זיך איינבויגען, רוהען, זיך שטיצען.

recli'ning-chair *n.* (רי-קלאי'-נינג-טשעהר) א שטוהל, ביי וועלכען דער לעהן קען זיך אבבויגען העכער און נידריגער.

reclose' *v.* (רי-קלאוז') וויעדער צושליסען, צוריק צומאכען.

reclothe' *v.* (רי-קלאוטה') צוריק אנקליידען.

recluse' *a. and n.* (רי-קלוהס') אבגעזונדערט, אבגעשלאסען, צוריקגעצויגען פון דער וועלט, איינזאם; א צוריקגעצויגענער, אבגעזונדערטער מענש; א פרוש; א מאנאך וואס האט זיך אויף זיין גאנצען לעבען אבגעשלאסען אין א מאנאסטיר=קעמערעל.

recluse'ly *adv.* (רי-קלוהס'-לי) אויף א צוריקגעצויגענעם, אבגעזונדערטען, איינזאמען אופן; ווי א פרוש.

recluse'ness *n.* (רי-קלוהס'-נעס) צוריקגעצויגענקייט, איינזאמקייט, אבגעזונדערטקייט פון דער וועלט.

reclu'sion *n.* (רי-קלוה'-זשאן) צוריקגעצויגענקייט פון דער וועלט; דאס לעבען פון א מאנאך וואס האט זיך אויף'ן גאנצען לעבען איינגעשלאסען אין א מאנאסטיר=קעמערעל.

reclu'sive *a.* (רי-קלוה'-סיוו) איינזאם, צוריקגעצויגען; ווי א פרוש.

reclu'sory *n.* (רי-קלוה'-סא-רי) אן אבזונדערונגס=פלאץ פון א פרוש, דאס צימערעל פון א פרוש.

rec'ognisable *a.* (רעק'-אג-נאי-זעבל) ז. *recognizable*.

recog'nisance *n.* (רי-קאג'-ני-זענס) ז. *recognizance*.

rec'ognise *v.* (רעק'-אג-נאיז) ז. *recognize*.

recog'nisor *n.* (רי-קאג'-ני-זאר) ז. *recognizor*.

recogni'tion *n.* (רעק-אג-ניש'-אן) 1. דערקענונג; דאס וויעדער דערקענען; 2. אנערקענונג; ערקענטניס, דאס בעמערקען.

1. He has changed behind **recognition**. 2. The Mexican revolutionists are seeking the **recognition** of the United States.

recog'nitive *a.* (רי-קאג'-ני-טיוו) דערקענענד; אנערקענענד.

recog'nitor *n.* (רי-קאג'-ני-טאר) א געריכטס=געשווארענער.

recog'nitory *a.* (רי-קאג'-ני-טא-רי) דערקענענד, דערקענענד נאך אמאל; אנערקענענד.

recognizabil'ity *n.* (רעק-אג-נאי-זע-ביל'-אי-טי) דערקענבארקייט; אנערקענבארקייט; דאס קענען דערקענט ווערען; דאס קענען אנערקענט ווערען.

rec'ognizable *a.* (רעק'-אג-נאי-זעבל) דערקענבאר, וואס מען קען דערקענען; וואס קען אנערקענט ווערען.

rec'ognizably *adv.* (רעק'-אג-נאי-זע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען דערקענען; צום אנערקענען.

recog'nizance *n.* (רי-קאג'-ני-זענס) דערקענונג; וויעדער=ערקענונג; דאס בעגרייפען פון דאס נייע; אנערקענונג; אן אנערקענונגס=צייכען, א מתנה; א פערפליכטונג פאר א געריכט [זיך אויפצו-

פיהרען אנשטענדיג, צו ערשיינען אין געריכט, צו צאהלען א חוב א. ז. וו.].

recog'nizant *a.* (רי-קאג׳-ני-זענט) דערקענענד; אנערקענענד.

recogniza'tion *n.* (רי-קאג-ני-זיי׳-שאן) דערקענונג; אנערקענונג.

rec'ognize *v.* (רעק׳-אג-נאיז) דערקענען, אנערקענען; בעגריסען א בעקאנטען; נאך אמאל איבערקוקען אדער אונטערזוכען; ערקענען, בעגרייפען אויפס־ניי; זיך פערפליכטען פאר א געריכט.

recognizee' *n.* (רי-קאג-ני-זיע׳) איינער צו וועמען מען פערפליכטעט זיך פאר א געריכט.

rec'ognizer *n.* (רעק׳-אג-נאי-זער) איינער וואס דערקענט; איינער וואס אנערקענט.

rec'ognizingly *adv.* (רעק׳-אג-נאי-זינג-לי) מיט אנערקענונג [פון פערדיענסטע אדער ווערטה].

recog'nizor *n.* (רי-קאג׳-ני-זאר) איינער וואס גיט א פערפליכטונג פאר א געריכט.

recoil' *v. and n.* (רי-קאיל׳) זיך צוריקציהען, צוריקטרעטען; צוריקפאלען, זיך א ווארף טהאן אדער א שפרונג טהאן צוריק; פון דאס ניי אנוויקלען; א שפרונג אדער פאל ריקווערטס; א צוריקשטויס.

recoil'er *n.* (רי-קאיל׳-ער) איינער וואס ציהט זיך צוריק אדער טרעט אב.

recoil'ing *a.* (רי-קאיל׳-אינג) צוריקווייכענד, זיך צוריקציהענד.

recoil'ingly *adv.* (רי-קאיל׳-אינג-לי) אויף א צוריקווייכענדען אופן; צוריקציהענדיג זיך, אבטרעטענדיג.

recoil'ment *n.* (רי-קאיל׳-מענט) דאס צוריקטרעטען, דאס צוריקווייכען, דאס צוריקציהען זיך.

recoin' *v.* (רי-קאין׳) פרעגען פון דאס ניי, איבערפרעגען [וועגען מטבעות].

recoin'age *n.* (רי-קאינ׳-עדזש) די איבערפרעגונג, דאס פרעגען פון דאס ניי [וועגען מטבעות].

recoin'er *n.* (רי-קאינ׳-ער) אן איבערפרעגער [פון מטבעות].

recollect' *v.* (רי-קא-לעקט׳) ווידער צונויפזאמלען, אויפזאמלען פון דאס ניי; זיך ווידער פערזאמלען; קומען צו זיך, זיך פאסען.

recollect' *v.* (רעק-א-לעקט׳) זיך דערמאהנען, זיך ערינערען.

Rec'ollect *n.* (רעק׳-א-לעקט) ז. *Recollet*.

recollec'tedness *n.* (רעק-א-לעק׳-טעד-נעס) דאס דערמאהנען זיך, דאס ערינערען זיך; דאס צונויפנעהמען זיך מיט די געדאנקען; פאסונג, זעלבסט-בעהערשונג.

recollec'tion *n.* (רעק-א-לעק׳-שאן) דער זכרון, דאס געדעכנים; דאס דערמאהנען זיך, דאס עראינערען זיך; דאס צונויפנעהמען זיך מיט די געדאנקען; אן ערינערונג; פאסונג, זעלבסטבעהערשונג.

recollec'tive *a.* (רעק-א-לעק׳-טיוו) וואס האט די פעהיגקייט זיך צו דערמאהנען אדער ערינערען.

Rec'ollet *n.* (רעק׳-א-לעט) א רעקאלעט, א מיטגליעד פון א מאנאכען ארדען, וואס פיהרט זעהר א שטרענגען לעבענס-ארט מיט סגופים פון גוף [דער גרעסטער טייל פון די רעקאלעטען געהערט צו דעם פראנציסקאנער ארדען און בילדעט אין איהם א בעזונדערע אבטיילונג, וועלכע צייכענט זיך אוים מיט שטרענגע מנהגים וועגען פייניגען דעם גוף].

recoloniza'tion *n.* (רי-קאל-א-ני-זיי׳-שאן) די ווידער-קאלאניזירונג, דאס קאלאניזירען פון דאס ניי. ז. *colonization*.

recol'onize *v.* (רי-קאל׳-א-נאיז) וויעדער קאלאניזירען, קאלאניזירען פון דאס ניי.

recol'or *v.* (רי-קאל׳-אר) איבערפארבען, פארבען פון דאס ניי.

recombina'tion *n.* (רי-קאם-בי-ניי׳-שאן) די ווידער-פערבינדונג.

recombine' *v.* (רי-קאם-באין׳) צוריקפערבינדען, ווידער פערבינדען; וויעדער פעראייניגען.

recom'fort *v.* (רי-קאמ׳-פארט) ווידער טרויסטען, ווידער אויפמונטערען.

recom'ing *n.* (רי-קאמ׳-אינג) דאס וויעדערקומען.

recommence' *v.* (רי-קא-מענס׳) וויעדער אנפאנגען, ווידער אנהויבען.

recommence'ment *n.* (רי-קא-מענס׳-מענט) דאס אנפאנגען פון דאס ניי, דאס ווידער אנהויבען.

recommend' *v.* (רעק-א-מענד׳) רעקאמענדירען, עמפפעהלען; ראטהען; איבערגעבען, אנפערטרויען.

recommen'dable *a.* (רעק-א-מענ׳-דעבל) וואס איז ווערטה צו רעקאמענדירען; לויבענסווירדיג.

recommen'dableness *n.* (רעק-א-מענ׳-דעבל-נעס) דאס זיין ווערטה רעקאמענדירט צו ווערען.

recommen'dably *adv.* (רעק-א-מענ׳-דע-בלי) אויף אן אופן וואס איז ווערטה צו רעקאמענדירען.

recommenda'tion *n.* (רעק-א-מענ-דיי׳-שאן) א רעקאמענדאציאן, אן עמפפעהלונג; א רעקאמענדאציאנס-בריעף.

recommen'datory *a.* (רעק-א-מענ׳-דע-טא-רי) רעקאמענדירענד, וואס רעקאמענדירט, וואס עמפפעהלט.

recommen'der *n.* (רעק-א-מענ׳-דער) א רעקאמענדירער, איינער וואס רעקאמענדירט אדער עמפפעהלט.

recommit' *v.* (רי-קא-מיט׳) ווידער פערהאפטען; ווידער ארעטירען; פון דאס ניי איבערגעבען צום קאמיטעט [ווי צו א פארלאמענטס-קאמיטעט א. ד. ג.].

recommit'ment *n.* (רי-קא-מיט׳-מענט) די ווידער-פערהאפטונג, די וויעדער-ארעטירונג; דאס איבערגעבען פון דאס ניי צו דעם קאמיטעט.

recommit'tal *n.* (רי-קא-מיט׳-על) ז. *recommitment*.

recompact' *v.* (רי-קאם-פעקט׳) וויעדער פעסט פעראייניגען, פון דאס ניי פעסט צונויפשטעלען.

rec'ompense *v. and n.* (רעק׳-אם-פענס) בעלוינען, פערגעלטען; פערגיטיגען, אומקעהרען דעם שאדען; א בעלוינונג; א פערגעלטונג; א פערגיטיגונג.

rec'ompenser *n.* (רעק׳-אם-פענ-סער) א בעלוינער; א פערגעלטער.

rec'ompensive *a.* (רעק׳-אם-פענ-סיוו) בעלוינענד; פערגעלטענד; פערגיטיגענד.

recompile' *v.* (רי-קאם-פאיל׳) פון דאס ניי צונויפזאמלען אדער צונויפשטעלען [לעזע-שטיקער, ארטיקלען, געזעצע א. ד. ג.].

recompile'ment *n.* (רי-קאם-פאיל׳-מענט) א נייע צוזאמענשטעלונג [פון ארטיקלען, געזעצע א. ד. ג.].

recomplete' *v.* (רי-קאם-פליעט׳) צוריק גאנץ מאכען, וויעדער מאכען פאלשטענדיג.

recomple'tion *n.* (רי-קאם-פליע׳-שאן) דאס מאכען ווידער גאנץ, דאס מאכען פון דאס ניי פאלשטענדיג.

recompose' *v.* (רי-קאם-פאוז׳) בערוהיגען, איינשטילען; צוזאמענשטעלען אדער צוזאמענזעצען פון דאס ניי.

recomposi'tion *n.* (רי-קאם-פא-זיש׳-אן) א נייע צוזאמענזעצונג; דאס צונויפשטעלען אדער צוזאמענזעצען פון דאס ניי.

reconcentra'do *n.* (רע-קאן-סען-טרא׳-דאו) א פערזאן וועלכע איז געצוואונגען געווארען צו פערלאזען די היים אויף׳ן לאנד און זיך בעזעצען אין שטאדט [ווי דאס איז אפט דער פאל אין דער צייט פון א קריעג אדער א רעוואלוציאן, ווען די איינוואהנער פון דער נאכבארשאפט ווערען געצוואונגען צו קומען אין שטאדט].

recon'centrate *v.* (רי-קאן-סענ׳-טרייט) קאנצענטרירען; צונויפזאמלען סאלדאטען אין א געוויסען פונקט; נאך אמאל קאנצענטרירען; קאנצענטרירען די איינוואהנער פון דער נאכבארשאפט אין די בעפעסטיגטע שטעדט [ווי אין דער צייט פון א מלחמה אדער רעוואלוציאן].

reconcentra'tion *n.* (רי-קאן-סען-טריי׳-שאן) דאס קאנצענטרירען פון דאס ניי; קאנצענטרירונג; דאס קאנצענטרירען די איינוואהנער פון דער נאכבארשאפט אין שטאדט [ווי אין דער צייט פון א מלחמה אדער רעוואלוציאן].

rec'oncilable *a.* (רעק׳-אנ-סאי-לעבל) וואס לאזט זיך איבערבעטען, וואס געהט איין אויף א שלום, וואס לאזט זיך אויסגלייכען אדער פעראייינבארען; וואס קען געבראכט ווערען אין איינקלאנג אדער צו אן איינפערשטענדניס.

rec'oncilableness *n.* (רעק׳-אנ-סאי-לעבל-נעס) פעראייינבארקייט, דאס לאזען זיך איבערבעטען; איבעראיינשטימונג.

rec'oncilably *adv.* (רעק׳-אנ-סאי-לע-בלי) אויף אן אופן וואס לאזט זיך אויסגלייכען אדער מושוה ווערען; איינגעהענדיג אויף א שלום, לאזענדיג זיך איבערבעטען.

rec'oncile *v.* (רעק׳-אנ-סאיל) וויעדער שלום מאכען, צוריק גוט מאכען, בענייען די פריינדשאפט; אויסגלייכען, פעראייינבארען; איינינגען; שליכטען [וועגען א סכסוך]; ברייגנען צו אן איינפערשטענדניס; ברייגנען אין איינקלאנג; צוריק היילינג מאכען עטוואס, וואס איז פערשוועכט געווארען; אין שיף-בוי — גוט צונויפפאסען איין טייל מיט דעם אנדערען.

rec'oncilement *n.* (רעק׳-אנ-סאיל-מענט) א בענייטע פריינדשאפט; שלום-מאכונג; אן אויסגלייכונג.

rec'onciler *n.* (רעק׳-אנ-סאי-לער) אן אויסגלייכער, א פעראייניגער, א שלום-מאכער.

reconcilia'tion *n.* (רעק-אנ-סיל-אי-איי׳-שאן) דאס מאכען שלום, דאס צוריק בענייען די פריינדשאפט; דאס אויסגלייכען; דאס ברייגנען אין איינקלאנג; דאס אבשאפען די צווישען-וואנד צווישען מענש און גאט, וועלכע איז געשאפען געווארען דורך זינד; דאס מאכען צוריק היילינג עטוואס וואס איז פערשוועכט געווארען.

reconcil'iatory *a.* (רעק-אנ-סיל׳-אי-ע טא-רי) אויסגלייכענד; ברייגנענדיג

אין איינקלאַנג; וואָס מאַכט שלום אָדער פיהרט צו בעגייטער פריינדשאַפט.

recondensa'tion *n.* (רי-קאַנ-דענ-סיי'-שאַן) דאָס קאָנדענזירען פון דאָס ניי, דאָס מאַכען צוריק געדיכט אָדער צוזאַמענגעפרעסט.

recondense' *v.* (רי-קאַנ דענס') ווידער געדיכט מאַכען; ווידער צוזאַמענפרעסען.

rec'ondite *a.* (רעק'-אַנ-דאַיט) פערבאָרגען, בעהאַלטען; געהיים; אונפערשטענדליך, אונקלאָר.

rec'onditeness *n.* (רעק'-אַנ-דאַיט-נעס) דאָס זיין פערבאָרגען; אַ פערבאָרגענער מיין, אַ בעהאַלטענע כונה.

recon'ditory *n.* (רי-קאַנ'-די-טאָ-רי) אַן אויפבעוואָהרונגס-אָרט, אַ פאָרראַטס-קאַמער, אַ מאַגאַזין.

reconduct' *v.* (רי-קאַנ-דאַקט') צוריק פיהרען, ווידער פיהרען.

reconduc'tion *n.* (רי-קאַנ-דאַק'-שאַן) אַ בעניייאונג פון אַן ארענדע-קאָנטראַקט.

reconfirm' *v.* (רי-קאַנ-פוירם') פון דאָס ניי בעשטעטיגען.

reconjoin' *v.* (רי-קאַנ-דזשאָין') ווידער פעראייניגען, צוריק פעראייניגען.

recon'naissance *n.* (רי-קאַנ'-ע-סענס) רעקאַגנאָסצירונג, אויסזעהונג, אויספאָרשונג, פאָרויס-אויספאָרשונג, אויסשפּיאָנירונג [פון אַ לאַנד אָדער פון די פּאָזיציאָנען פון אַ פיינדליכער אַרמעע].

recon'naissance in force (רי-קאַנ'-ע-סענס אין פאָרס) אַ מיליטערישער איבערפאַל מיט'ן צוועק זיך צו דערוויסען די פּאָזיציאָנען און די קראַפט פון דער פיינדליכער אַרמעע.

reconnois'sance *n.* (רעק-אַ-נאָי'-סינס) ז. *reconnaissance*

reconnoi'ter *v. and n.* (רעק-אַ-נאָי'-טער) רעקאַגנאָסצירען, אויסקוקען, אויסשפּיאָנירען, אויספאָרשען [אַ לאַנד אָדער די לאַגע פון אַ פיינדליכער אַרמעע]; רעקאַגנאָסצירונג, אויסזעהונג, אויספאָרשונג, אויסשפּיאָנירונג.

reconnoi'tre *v. and n.* (רעק-אַ-נאָי'-טער) ז. *reconnoiter*

recon'quer *v.* (רי-קאַנ'-קער) ווידער עראָבערען, צוריק איינגעהמען, צוריק ערווערבען.

recon'quest *n.* (רי-קאַנ'-קהוועסט) ווידער-עראָבערונג, ווידער-איינגעהמונג, ווידער-ערווערבונג.

recon'secrate *v.* (רי-קאַנ'-סי-קרייט) ווידער הייליגען, ווידער איינווייהען, נאָך אַמאָל מחנך זיין.

reconsecra'tion *n.* (רי-קאַנ-סי-קריי'-שאַן) אַ ווידער-הייליגונג, אַ ווידער-איינווייהונג.

reconsid'er *v.* (רי-קאַנ-סיד'-ער) ווידער נאָכדענקען, ווידער זיך בעדענקען אָדער זיך איבערלעגען וועגען עפּעס; נאָך אַמאָל אויפנעהמען אַ פראַגע [אין געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען].

reconsidera'tion *n.* (רי-קאַנ-סיד-ע-ריי'-שאַן) דאָס בעטראַכטען פון דאָס ניי; אַ נאָכאַמאָליגע איבערלעגונג; דאָס נאָך אַמאָל אויפנעהמען אַ פראַגע [אין געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען].

reconsol'idate *v.* (רי-קאַנ-סאָל'-אי-דייט) ווידער פעראייניגען, בעפעסטיגען, צוזאַמענפרעסען אָדער געדיכט מאַכען.

reconsolida'tion *n.* (רי-קאַנ-סאָל-אי-דיי'-שאַן) דאָס ווידער פעראייניגען, בעפעסטיגען, צוזאַמענפרעסען אָדער געדיכט מאַכען.

recon'stitute *v.* (רי-קאַנ'-סטי-טיוט) אויפס-ניי צונויפשטעלען אָדער פאָרמירען.

reconstitu'tion *n.* (רי-קאַנ-סטי-טיו'-שאַן) דאָס צונויפשטעלען אָדער פאָרמירען פון דאָס ניי.

reconstruct' *v.* (רי-קאַנ-סטראַקט') צוריק אויפשטעלען אָדער אויפבויען, איבערבויען, רעאָרגאַניזירען.

reconstruc'tion *n.* (רי-קאַנ-סטראַק'-שאַן) ווידער-אויפשטעלונג, ווידער-אויפבויאונג; איבערבויאונג; רעאָרגאַניזירונג; אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ — דאָס אומקעהרען אַלע רעכטען צו יענע זידליכע שטאַאטען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אָברייסען פון דער פעראייניגונג [נאָכדעם ווי זיי זיינען בעזיעגט געוואָרען].

Reconstruc'tion Acts (רי-קאַנ-סטראַק'-שאַן עקטס) די רעאָרגאַניזירונגס-געזעצע [אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ — צוויי געזעצע אָנגענומען פון קאָנגרעס נאָך דעם בירגער-קריעג וועגען די בעדינגונגען, ווי צוריקצושטעלען די רעכטע פון די בעזיעגטע זידליכע שטאַאטען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אָברייסען פון דער פעראייניגונג].

reconstruc'tionist *n.* (רי-קאַנ-סטראַק'-שאַנ-איסט) אַן אָנהענגער פון רעאָרגאַניזירונג, איבערבויאונג אָדער צוריק-אויפבויאונג; אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ — אַן אָנהענגער פון דער רעאָרגאַניזירונגס-טאַקטיק בנוגע פון דער איבערבויאונג פון די זידליכע שטאַאטען נאָך דעם בירגער-קריעג ז. *Reconstruction Acts*

reconstruc'tive *a. and n.* (רי-קאַנ-סטראַק'-טיוו) ווידער-אויפבויענד, צוריק איינריכטענד, איבערבויענד, רעאָרגאַניזירענד; אין מעדיצין — אַ מיטעל צו שאַפען עפּעס פון דאָס ניי.

recontin'uance *n.* (רי-קאַנ-טינ'-יו-ענס) דאָס ווידער פאָרטזעצען.

recontin'ue *v.* (רי-קאַנ-טינ'-יו) ווידער פאָרטזעצען.

reconvales'cence *n.* (רי-קאַנ-ווע-לעס'-ענס) פאָלשטענדיגע גענעזונג.

reconvene' *v.* (רי-קאַנ-וויען') ווידער פערזאַמלען; ווידער זיך פערזאַמלען.
The legislature reconvened a month later.

reconven'tion *n.* (רי-קאַנ-וועג'-שאַן) אַ רעקאָנווענציאָן, אַ גענגען-קלאַגע.

reconver'sion *n.* (רי-קאַנ-וואָיר'-שאַן) די ווידער-בעקעהרונג, דאָס אָב'שמד'ן נאָך אַמאָל; די אומקעהרונג צום פריהערינגען גלויבען, אַ ווידער-אומוואַנדלונג, אַ ווידער-אומענדערונג.

reconvert' *v.* (רי-קאַנ-וואָירט') ווידער בעקעהרען, ווידער אָב'שמד'ען; אומקעהרען צום אַלטען גלויבען; ווידער אומוואַנדלען, צוריק אומקעהרען.

reconvey' *v.* (רי-קאַנ-וויי') צוריקפיהרען; צוריק איבערגעבען.

reconvey'ance *n.* (רי-קאַנ-וויי'-ענס) אַ צוריקפיהרונג; דאָס צוריק איבערגעבען.

recop'y *v.* (רי-קאַפּ'-אי) פון דאָס ניי קאָפּירען, איבערקאָפּירען.

record' *v.* (רי-קאָהרד') פּראָטאָקאָלירען, פערצייכנען, רעגיסטרירען, פערשרייבען; איינדריקען אין זכרון; דערצעהלען; איבער'חזר'ען; זינגען; שפּיעלען.

rec'ord *n.* (רעק'-אָרד) אַ פערצייכניס, אַ רעגיסטער; אַ פּראָטאָקאָל; דאָס פּראָטאָקאָל-בוך; אַ בוך, אין וועלכען עס ווערען אַריינגעשריבען אָפיציעלע דאָקומענטען; דער רעקאָרד, די צוזאַמענגעקליבענע בעוואוסטע פאַקטען פון איינעמס לעבען; אין ספּאָרט — דער רעקאָרד [דער העכסטער אָדער ווייטסטער פּונקט וואָס איז דערגרייכט אין לויפען, שווימען א. ד. ג.]; אַ רעקאָרד, אַ מוזיק-פּלאַטע וואָס ווערט געברויכט פאַר אַ פאָנאָגראַף אָדער פּיאַנאָלאַ [אויטאָמאַטיש שפּיעלענדע פּיאַנאָ].

recor'dable *a.* (רי-קאָהר'-דעבל) וואָס קען פערערגיסטרירט אָדער פערצייכענט ווערען; וואָס איז ווערטה פעררעגיסטרירט צו ווערען.

recorda'tion *n.* (רעק-אָר-דיי'-שאַן) ערינערונג; דאָס געדענקען; דאָס רעגיסטרירען, דאָס פערצייכנען; אַ פערצייכניס.

rec'ord-brea'ker *n.* (רעק'-אָרד-בריי'-קער) אַ רעקאָרד-ברעכער, איינער וואָס שטייגט אַריבער דעם העכסטען פּונקט פון עפּעס.

recor'der *n.* (רי-קאָהר'-דער) אַ פּראָטאָקאָל-שרייבער; אַ רעגיסטראַטאָר; אַן אַרכיוואַר, אַן אויפזעהער איבער אַרכיוו-פּאַפּיערען; אַ שטאַדט-ריכטער; דער טעלעגראַפישער אַפּאַראַט וואָס פערצייכענט די סיגנאַלען; אַן אַפּאַראַט צום רעגיסטרירען אָדער פערצייכנען עפּעס.

recor'dership *n.* (רי-קאָהר'-דער-שיפּ) דאָס אַמט פון אַ רעגיסטראַטאָר אָדער אַרכיוואַר.

recor'ding sec'retary (רי-קאָהר'-דינג סעק'-רי-טע-רי) אַ פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר, אַ פּראָטאָקאָל-שרייבער.

rec'ord-of'fice *n.* (רעק'-אָרד-אָפ'-איס) אַן אַרכיוו [אַן אָרט וואו מען בעהאַלט אַלטע דאָקומענטען].

recount' *v. and n.* (רי-קאַונט') ערצעהלען; איבערדערצעהלען די פּרטים פון עפּעס; איבעררעכנען; דאָס צעהלען נאָך אַמאָל.

recount'ment *n.* (רי-קאַונט'-מענט) אַן אויספיהרליכע ערצעהלונג, אַ בעריכט מיט אַלע פּרטים.

recoup' *v. and n.* (רי-קוהפּ') אין יוריספּרודענץ — פערמינדערען אַ היזק דורך פערהאַלטען אַ טייל פון איהם [ווי למשל, ביים פערהאַלטען אַ טייל פון דעם געלד וואָס עס קומט אַ דיענסט פאַר די כלים וואָס זי האָט צובראָכען]; דאָס אַרויסרעכנען, דאָס אָברעכנען; דאָס פערהאַלטען.

recoup'er *n.* (רי-קוהפּ'-ער) איינער וואָס האַלט איין אָדער רעכענט אָב [אַ טייל פון געהאַלט, אַ חוב א. ז. וו.].

recoup'ment *n.* (רי-קוהפּ'-מענט) דאָס איינהאַלטען אָדער אָראָברעכנען [אַ טייל פון געהאַלט, פון אַ חוב א. ז. וו.].

recourse' *n.* (רי-קאָורס') אַ ווענדונג נאָך הילף אָדער שטיצע; אַן אויפהאַלטונגס-פּלאַץ, אַ צוזאַמענקונפטס-אָרט; אַ צופלוכט, אַ רעטונג.

recov'er *v.* (רי-קאַוו'-ער) 1. ווידער בעקומען; צוריקקריעגען; ווידער געפינען; אומקעהרען צוריק; 2. ווידער הייי לען; געזונד ווערען; 3. געווינען אַ פּראָצעס; 4. בעפרייען; ווידער בעדעקען.
1. We recovered our lost baggage. 2. The patient recovered rapidly from the operation. 3. For this breach of contract I can recover at law.

recoverabil'ity *n.* (רי-קאַוו-ער ע-ביל'-אי-טי) דאָס קענען אומגעקעהרט ווע-

רען צוריק; דאס קענען ווידער געזונד ווערען.

recov'erable *a.* (רי־קאוו'־ער־עבל) וואס קען ווידער ערר״יכט ווערען; וואס קען צוריק אומגעקעהרט ווערען [ווי א שאדען]; היילבאר, וואס קען געזונד ווערען.

recov'erableness *n.* (רי־קאוו'־ער־עבל־נעס) ז. *recoverability*

recov'er a debt (רי־קאוו'־ער ע דעט) איינמאהנען א חוב.

recov'er arms (רי־קאוו'־ער ארמז) אין מיליטער — א קאמאנדע־ווארט צו האל־טען די ביקס פערטיג צום שיסען.

recov'er dam'ages (רי־קאוו'־ער דעמ'־ע־דזשעז) אומקעהרען דעם היזק, קריגען בעצאהלט פאר א שאדען דורך'ן געריכט.

recoveree' *n.* (רי־קאוו־ער־איע') דער, געגען וועמען דאס געריכט האט גע'פסקנ'ט ער זאל אומקעהרען דאס, וואס ער האט פערנומען.

recov'erer *n.* (רי־קאוו'־ער־ער) איי־נער וואס נעהמט עפעס אב אדער גע־ווינט עפעס צוריק.

recov'er one's breath (רי־קאוו'־ער הוואנז ברעטה) ווידער כאפען דעם אטעם.

recov'er one's legs (רי־קאוו'־ער הוואנז לעגז) ווידער זיך שטעלען אויף די פיס.

recov'er one's self (רי־קאוו'־ער הוואנז סעלף) קומען צו זיך.

recov'ery *n.* (רי־קאוו'־ער־אי) די וויע־דער־ערלאנגונג, די ווידער־עררייכונג; די אומקעהרונג צוריק [פון א שאדען]; דאס געזונד ווערען; דאס שטעלען זיך אויף די פיס, דאס קומען צו זיך, עררייכונג צו א בעסערער לאגע.

rec'reance *n.* (רעק'־רי־ענס) ז. *recreancy*

rec'reancy *n.* (רעק'־רי־ען־סי) שרע־קעדיגקייט, פחדנות; אבטריניגקייט, אב־פאליגקייט; פאלשקייט, אונטרייהייט.

rec'reant *a.* and *n.* (רעק'־רי־ענט) שרעקעדיג, טרוסליווע; אבפאליג; אונ־טריי, פאלש; א פחדן, א פייגלינג; אן אונטרייע פערזאן.

rec'reantly *adv.* (רעק'־רי־ענט־לי) אויף א פייגהאפטען אדער אונטרייען שטייגער.

rec'reate *v.* (רעק'־רי־אייט) ערקוויקען, ערמונטערען, ערהאלען, דערפרישען; זיך דערפרישען, זיך ערקוויקען, זיך ערהאלען; אמוזירען.

recreate' *v.* (רי־קרי־אייט') ווידער בעשאפען.

recrea'tion *n.* (רעק־רי־איי'־שאן) די ערקוויקונג, די ערהאלונג, די ערפרישונג; א קליין מוזיקאליש שטיק צו שפיעלען אלס אברוה פון טעכנישע איבונגען אויף דעם מוזיקאלישען אינסטרומענט.

recrea'tion *n.* (רי־קרי־איי'־שאן) דאס ווידער בעשאפען.

recrea'tional *a.* (רעק־רי־איי'־שאנ־על) וואס איז שייך צו דערפרישונג אדער שטארקונג נאך א שווערער ארבייט.

recrea'tion-ground *n.* (רעק־רי־איי'־שאן־גראונד) א פלאץ פאר ספארט און אנדערע ארטען אברוה אדער צייט־פער־טרייב.

recrea'tion pier (רעק־רי־איי'־שאן פיער) אן איבערבוי איבער א האפען־וואנד, דאמבע אדער לאדונגס־פלאץ [פאר אמוזירונגס־צוועקען, אלס שפאציער־פלאץ אדער אלס פלאץ צו געניסען פרישע לופט].

rec'reative *a.* (רעק־רי־איי־טיוו) ער־קוויקענד, ערפרישענד; וואס דיענט צו ערהאלונג; וואס שטארקט; אמוזירענד.

rec'reatively *adv.* (רעק'־רי־איי־טיוו־לי) אויף אן ערקוויקענדען אדער שטאר־קענדען שטייגער.

rec'reativeness *n.* (רעק'־רי־איי־טיוו־נעס) דאס זיין ערפרישענד, דערקוויקענד, שטארקענד.

rec'rement *n.* (רעק'־רי־מענט) פסלת, שלאק, אבוואץ, שוים; אין מעדיצין — די אבזונדערונג פון קערפער, ווי ליחה, שפייעכץ א. ד. ג.; א שטאף וואס ווערט אבגעזונדערט פון בלוט און ווערט נאכהער אין איהם צוריק איינגעזויגען.

recremen'tal *a.* (רעק־רי־מענ'־טעל) שלאקיג; פון פסלת.

recrementi'tious *a.* (רעק־רי־מען־טיש'־אס) ז. *recremental*

recrim'inate *v.* (רי־קרימ'־אי־נייט) מאכען געגען־בעשולדיגונגען; ענטפערען אויף א בעשולדיגונג מיט א געגען־בע־שולדיגונג.

recrimina'tion *n.* (רי־קרים־אי־ניי'־שאן) א געגען־בעשולדיגונג, א געגען־אנ־קלאגע; דאס ארויסטרעטען געגען א בע־שולדיגער מיט א געגען־בעשולדיגונג.

recrim'inative *a.* (רי־קרימ'־אי־ניי־טיוו) וואס בעשולדיגט דעם בעשולדיגער; וואס טרעט ארויס מיט א געגען־אנקלאגע אדער געגען־בעשולדיגונג.

recrim'inatively *adv.* (רי־קרימ'־אי־ניי־טיוו־לי) ארויסטרעטענדיג מיט א גע־גען־בעשולדיגונג.

recrim'inator *n.* (רי־קרימ'־אי־ניי־טאר) איינער וואס ענטפערט אויף א בע־שולדיגונג מיט א געגען־בעשולדיגונג.

recrim'inatory *a.* (רי־קרימ'־אי־ניי־טא־רי) וואס ענטהאלט א געגען־בעשול־דיגונג; געגען־בעשולדיגענד.

recross' *v.* (רי־קראס') נאך אמאל אי־בערפאהרען [א טייך], ווידער דורכ־שניידען [דעם ים].

recru'cify *v.* (רי־קרו'־סי־פאי) וויע־דער קרייציגען.

recru'dency *n.* (רי־קרו'־דען־סי) ז. *recrudescence*

recrudesce' *v.* (רי־קרו־דעס') זיך ווידער אויפרעגען, ווערען ווידער אויפגע־בראכט; ווידער בעלעבט ווערען; וויע־דער בענייט ווערען.

recrudes'cence *n.* (רי־קרו־דעס'־ענס) אין מעדיצין — די ווידערקעהרונג פון א קראנקהייט; אין באטאניק — א פרי־שע אויסשפראצונג אויף דעם שפיץ פון אן אבגעשניטענעם צווייגעל; די ווידער־קעהרונג; דאס קומען פון דאס ניי; דאס ווערען ווידער אנגעוועהטאגט.

recrudes'cency *n.* (רי־קרו־דעס'־ענ־סי) ז. *recrudescence*

recrudes'cent *a.* (רי־קרו־דעס'־ענט) ווידער־אויפברעכענד, שטארקער ווערענד [וואונדען א וועהטאג, א קראנקהייט א. ד. ג.].

recruit' *v.* and *n.* (רי־קרוהט') רעקרו־טירען, ערגענצען דאס וואס עס פעהלט [ווי ערגענצען אן ארמעע מיט א צאהל נייע סאלדאטען]; ערגענצען, משלים זיין; פערשטארקערען, דערפרישען; בעזארגען מיט נייע זאפאסען; ארייננעהמען אין א האפען נאך נייע זאפאסען [וועגען א שיף]; זיך שטארקען, זיך דערפרישען; א רעקרוט, א נייער, ערשט־אנגענומענער סאל־דאט; דאס בעזארגען מיט נייע מאטעריא־לען אדער מיט נייעם פראוויאנט.

recruit'er *n.* (רי־קרוה'־טער) א רעק־רוטירער, איינער וואס נעהמט אן נייע רעקרוטען פאר אן ארמעע; אן ערגענצער, איינער וואס דערפילט דאס וואס עס פעהלט.

recruit'ing-ground *n.* (רי־קרוה'־טינג־גראונד) א פלאץ אדער געגענד וואו מען נעהמט אן רעקרוטען.

recruit'ing-par'ty *n.* (רי־קרוה'־טינג־פאר'־טי) א צאהל סאלדאטען, וועלכע ווע־רען אבגעלאזען פון זייער רעגימענט, כדי אנצונעהמען רעקרוטען.

recruit'ing-ser'geant *n.* (רי־קרוה'־טינג־סאר'־דזשענט) אן אפיציער וואס נעהמט אויף רעקרוטען.

recruit'ment *n.* (רי־קרוהט'־מענט) די רעקרוטירונג, דאס נעהמען סאלדאטען.

recruit' one's spir'its (רי־קרוהט' הוואנז ספיר'־איטס) זיך אנגעהמען מיט נייעם מוטה.

recrys'tallize *v.* (רי־קריס'־טעל־איז) זיך ווידער קריסטאליזירען; ווידער קריסטאליזירען. ז. *crystallization*

rec. sec. אבקירצונג פון די ווערטער *recording secretary*

rec'ta *n.* (רעק'־טא) די גלייכע קישקעס. ז. *rectum*

rec'tal *a.* (רעק'־טעל) וואס איז שייך צו דעם מאסט־דארם [די גלייכע קישקע]. ז. *rectum*

rectal'gia *n.* (רעק־טעל'־דזשי־א) א וועהטאג אין דעם מאסט־דארם [גלייכע קישקע]. ז. *rectum*

rect'angle *n.* (רעקט'־ענגל) א רעכט־עק, א פיער־עק [א פיער־קאנ־טיגע פלאכע גע־מעטרישע פיגור מיט גראדע ווינק־לען].

Rectangle

rect'angled *a.* (רעקט'־ענגלד) רעכט־ווינקעלדיג, מיט גראדע ווינקלען.

rectan'gular *a.* (רעק־טענ'־גיו־לאר) רעכט־עקיג, גראד־ווינקעלדיג; וואס האט א ווינקעל אדער ווינקלען פון 90 גראד.

rectangular'ity *n.* (רעק־טענ־גיו־לער'־אי־טי) דאס זיין מיט גראדע ווינק־לען, דאס האבען גראדע ווינקלען.

rectan'gularly *adv.* (רעק־טענ'־גיו־לאר־לי) מיט גראדע ווינקלען, רעכט־ווינ־קעלדיג.

rectan'gularness *n.* (רעק־טענ'־גיו־לאר־נעס) ז. *rectangularity*

rec'ti *n.* (רעק'־טאי) גלייכע מוסקולען. ז. *rectus*

rec'tifiable *a.* (רעק'־טי־פאי־עבל) וואס קען אויסגעגליכען ווערען, וואס קען צוריק געמאכט ווערען ריכטיג, וואס קען פער־ריכט אדער אויסגעבעסערט ווערען; וואס קען רעקטיפיצירט ווערען [געלייטערט ווערען, ראפינירט ווערען, דיסטילירט ווע־רען]; אין געאמעטריע — וואס קען בע־רעכענט ווערען [וועגען דער לענג פון א קרומער ליניע].

rectifica'tion *n.* (רעק־טי־פי־קיי'־שאן) דאס מאכען ווידער ריכטיג; אן אויסגלייכונג; רעקטיפיצירונג [דיסטילי־רונג, ראפינירונג, לייטערונג]; אין גע־אמעטריע — רעקטיפיקאציאן [דאס בע־רעכנען די לענג פון א קרומער ליניע].

rec'tified *a.* (רעק'־טי־פאיד) צוריק געמאכט ריכטיג; אויסגעגלייכט; פער־

ריכט, אויסגעבעסערט; געלייטערט, ראַפינירט; ענטוויקעלט אויף א געווינשטען שטייגער [וועגען קולטיווירטע פלאַנצען].

rec'tifier *n.* (רעק'-טי-פאַי-ער) איינער וואס מאַכט ווידער ריכטיג, גלייכט אויס, פעררינכט אדער בעסערט אויס; איינער אדער עטוואס וואס דיסטילירט, ראַפינירט אדער לייטערט; א דיסטיליר-כלי.

rec'tify *v.* (רעק'-טי-פאַי) ווידער ריכטיג מאַכען; אויסגלייכען; פעררינכטען, אויסבעסערען; רעקטיפיצירען [אין כעמיע — ראַפינירען, דיסטילירען, לייטערען; אין געאָמעטריע— בעשטימען די לענג פון א קרומער ליניע].

rec'tify an account' (רעק'-טי-פאַי ען ע-קאונט') אויסגלייכען א רעכענונג.

rec'tify one's con'science (רעק'-טי-פאַי הוואַנז קאַנ'-שענס) ריין מאַכען דאָס געוויסען.

rectilin'eal *a.* (רעק טי-לינ'-אי-על) ז. *rectilinear*.

rectilin'eally *adv.* (רעק-טי-לינ'-אי-על-אי) ז. *rectilinearly*.

rectilin'ear *a.* (רעק-טי-לינ'-אי-אר) גראַד-ליניג, וואס בעשטעהט פון גלייכע ליניען אדער איז בעגרענצט מיט גלייכע ליניען.

rectilinear'ity *n.* (רעק-טי-לינ-אי-ער'-אי-טי) גראַד-ליניגקייט, דאָס בעשטעהן אדער זיין בעגרענצט פון גלייכע ליניען.

rectilin'early *adv.* (רעק-טי-לינ'-אי-אר-לי) אין א גלייכער ליניע.

rectilin'earness *n.* (רעק-טי-לינ'-אי-אר-נעס) ז. *rectilinearity*.

rec'tion *n.* (רעק'-שאַן) — אין גראַמאַטיק דאָס רעגיערען פון ווערטער [ווען איין וואָרט פאָדערט, אז דאָס צווייטע וואָרט זאָל אננעהמען די אדער יענע פאָרם].

rectit'ic *a.* (רעק-טיט'-איק) וואס איז שייך צו אדער ליידט פון ענטצינדונג פון דעם מאַסט-דאַרם אדער גלייכער קישקע.

recti'tis *n.* (רעק טאַי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם מאַסט-דאַרם אדער גלייכער קישקע ז. *rectum*.

rec'titude *n.* (רעק'-טי-טיוד) גראַדקייט, גלייכקייט; אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט, רעכטליכקייט, רעכטפערטיגקייט; ריכטיגקייט.

rec'to *n.* (רעק'-טאָו) — אין דרוקעריי — די רעכטע זייט אדער די פאָדער-זייט פון א בלאַט אין א בוך [די זייט וואס איז נומערירט מיט אום-ציפערען ווי 1, 3, 5 א. ז. וו.]; א שריפטליכער בעפעהל אומצוקעהרען אייגענטום צום בעזיצער.

rectogen'ital *a.* (רעק-טאָו-דזשענ'-אי-טעל) וואס איז שייך צו די רעפּראָדוקציאָנס-אָרגאַנען [געבורטס-אָרגאַנען, געשלעכטס-אָרגאַנען] און צו דעם מאַסט-דאַרם אדער גלייכער קישקע ז. *rectum*.

rec'tor *n.* (רעק'-טאָר) א רעקטאָר [א בעצירק-גייסטליכער, א גייסטליכער וואס האָט די אויפזיכט איבער א קירכליכער אנשטאַלט אדער לעהר-אנשטאַלט; דער הויפּט פון אן אוניווערזיטעט אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד און אנדערע לענדער; דער פּרעזידענט פון געוויסע גילדען אדער פעראיינען]; א הערשער, א פערוואַלטער.

rec'torage *n.* (רעק'-טאָר-איידזש) די איינקונפט [פון קירכען-גיטער] פון א בעצירקס-גייסטליכען.

rec'toral *a.* (רעק' טאָר על) ז. *rectorial*.

rec'torate *n. and a.* (רעק'-טאָר-אייט) רעקטאָרשאַפט, דאָס אַמט פון א רעקטאָר; די צייט וואס א רעקטאָר איז אין אַמט [ז. *rector*]; וואס איז שייך צו א קירכען-בעצירק; וואס איז שייך צום הויז פון דעם בעצירק-גלח.

rec'toress *n.* (רעק'-טאָר-עס) די פרוי פון א רעקטאָר; א רעקטאָרין, א פרוי א רעקטאָר [ז. *rector*]; א הערשערין, א פערוואַלטערין.

recto'rial *a.* (רעק-טאָו'-רי-על) וואס איז שייך צו א רעקטאָר; וואס איז שייך צו א קירכען-בעצירק; וואס איז שייך צום הויז פון א בעצירק-גלח. ז. *rector*.

rec'torship *n.* (רעק'-טאָר-שיפּ) רעקטאָרשאַפט, דאָס אַמט פון א רעקטאָר. ז. *rector*.

rec'tory *n.* (רעק'-טאָר-אי) א קירכען-בעצירק; די וואָהנונג פון א בעצירק-גייסטליכען.

rec'tress *n.* (רעק'-טרעס) ז. *rectoress*.

rectri'ces *n.* (רעק-טראַי'-סיז) רעקטאָרינען; פערוואַלטערינען; פרויען פון רעקטאָרען; עק-פעדערען פון א פויגעל. ז. *rectrix*.

rec'trix *n.* (רעק'-טריקס) א רעקטאָרין, א פרוי-רעקטאָר, א פרוי פון א רעקטאָר [ז. *rector*]; אן עק-פעדער פון א פויגעל.

rec'tum *n.* (רעק'-טאַם) דער מאַסט-דאַרם אדער די גלייכע קישקע [די אונטערשטע קישקע וואס ענדיגט זיך אין דער עפנונג פון הינטער-לייב].
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

rec'tus *n.* (רעק'-טאַס) א גלייכער מוסקול.

rec'ubant *a.* (רעק'-יו-בענט) ז. *recumbent*.

recul'tivate *v.* (רי-קאַל'-טי-ווייט) ווידער בעאַרבייטען, פון דאָס ניי קולטיווירען.

recultiva'tion *n.* (רי-קאַל-טי-וויי'-שאַן) ווידער-בעאַרבייטונג, דאָס קולטיווירען פון דאָס ניי.

recum'bence *n.* (רי-קאַמ'-בענס) ז. *recumbency*.

recum'bency *n.* (רי-קאַמ'-בענ-סי) א ליעגענדער צושטאַנד; דאָס זיין אנגעלעהנט; רוה, פוילקייט; אונטהעטיגקייט; דאָס פערלאַזען זיך אויף עמעס אדער אימעצען.

recum'bent *a.* (רי-קאַמ'-בענט) ליעגענד; אנגעלעהנט; רוהענד; פויל; אונטהעטיג; גלייכגילטיג.

recum'bently *adv.* (רי-קאַמ'-בענט-לי) ליעגענד, אנגעלעהנט; רוהיג, אונטהעטיג; גלייכגילטיג.

recu'perable *a.* (רי-קיו'-פּע-רעבל) וואס קען צוריקגעקראָגען אדער צוריקגעוואונען ווערען.

recu'perate *v.* (רי-קיו'-פּע-רייט) צוריקגעווינען, צוריקקריעגען; געזונד ווערען, זיך ערהאַלען.

recupera'tion *n.* (רי-קיו-פּע-ריי'-שאַן) דאָס צוריקקריעגען אדער צוריקגעווינען; דאָס געזונד ווערען, ערהאַלונג.

recu'perative *a.* (רי-קיו'-פּע-ריי-טיוו) וואס איז שייך אדער איז בעהילפיג צום צוריקגעווינען אדער צוריקקריעגען; וואס העלפט אדער איז שייך צו ערהאַלונג אדער צום געזונד ווערען.

recu'perator *n.* (רי-קיו'-פּע-ריי-טאָר) איינער אדער עטוואס וואס קריעגט צוריק אדער געווינט צוריק; א רעגענעראַטאָר [א פעררינכטונג אין א שמעלץ-אויווען אנצוזאַמלען די אויסגענוצטע היץ [ז. *regenerator*].

recu'peratory *a.* (רי-קיו'-פּע-ריי-טאָ-רי) ז. *recuperative*.

recur' *v.* (רי-קויר') זיך אומקעהרען, זיך צוריקקעהרען; צוריקקומען אויף'ן זינען; זיך ווידערהאָלען; זיך ווענדען, זיך ווענדען נאָך הילף אדער שטיצע, האָבען א צופלוכט.

recur'rence *n.* (רי-קאַר'-ענס) צוריקקעהרונג; דאָס צוריקקומען אויף'ן זינען; א ווידערהאָלונג; דאָס ווענדען זיך; דאָס ווענדען זיך נאָך שטיצע אדער הילף, א צופלוכט.

recur'rency *n.* (רי-קאַר'-ענ-סי) ז. *recurrence*.

recur'rent *a. and n.* (רי-קאַר'-ענט) צוריקקעהרענד; זיך ווידערהאָלענד; אין אנאַטאָמיע — וואס קעהרט זיך אום צוריק און לויפט אין א פערקעהרטער ריכטונג [ווי אן אדער, א נערוו א. ז. וו.]; א נערוו אדער אן אדער וואס בויגט זיך אָב צוריק און לויפט אין א פערקעהרטער ריכטונג.

recur'rently *adv.* (רי-קאַר'-ענט-לי) זיך ווידערהאָלענד.

recur'ring *a.* (רי-קויר'-אינג) צוריקקומענד, זיך ווידערהאָלענד.

recur'ring ut'terances (רי-קויר'-אינג אַט'-ער-ענס-עז) א מין קראַנקהייט, ווען דער קראַנקער פערלירט דאָס לשון און קען ווידערהאָלען נור דאָס וואָרט, וואס ער האָט צום לעצטען מאָל אויסגערעדט, איידער ער האָט פערלאָרען דאָס לשון.

recur'sion *n.* (רי-קויר'-שאַן) צוריקקעהרונג, צוריקלויפונג.

recur'vate *v. and a.* (רי-קויר'-ווייט) אויסבויגען צוריק-צו; זיין צוריקגעבויגען; צוריקגעבויגען.

recurva'tion *n.* (רי-קויר-וויי'-שאַן) צוריקבויגונג; צוריקגעבויגענקייט.

recur'vature *n.* (רי-קויר'-ווע-טשור) ז. *recurvation*.

recurve' *v.* (רי-קוירוו') צוריקבויגען; זיין צוריקגעבויגען.

recurved' *a.* (רי-קוירווד') צוריקגעבויגען.

recurviros'ter *n.* (רי-קויר-ווי-ראָס'-טער) דער זעגעל-שנאָבלער [אזא פויגעל מיט א געבויגענעם שנאָבעל]. ז. *avocet*.

recurviros'tral *a.* (רי-קויר-ווי-ראָס'-טרעל) וואס האָט אן אויסגעבויגענעם שנאָבעל [ווי למשל, א זעבעל-שנאָבלער]. ז. *avocet*.

recur'vity *n.* (רי-קויר'-ווי-טי) ז. *recurvation*.

recur'vous *a.* (רי-קויר'-וואַס) צוריקגעבויגען, געבויגען ריקווערטס.

rec'usance *n.* (רעק'-יו-זענס) ז. *recusancy*.

rec'usancy *n.* (רעק'-יו-זענ-סי) האַרטנעקיגע ווידערשפּענסטיגקייט; האַרטנעקיגע געגנערשאַפט [בעזאָנדערס צו דער קירך אדער צו א רעליגיאָן]; דאָס זיין ווידערשפּענסטיג; די פּרינציפּען אדער די גרונדזעצע פון די וואס האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דער אַנגליקאַנישער קירך.

recu'sant *a. and n.* (רי-קיו'-זענט) ווידערשפּענסטיג; וואס ענטזאָגט זיך פון גאָטעסדיענסט אין דער אַנגליקאַנישער קירך; וואס איז געגען דער קעניגליכער איבערהערשאַפט אין דער אַנגליקאַנישער קירך; א ווידערשפּענסטיגער, א האַרט-

נעקיגער געגנער פון אלגעמיינ אנגענומענעם; א רעקוזאנט, איינער וואס ענטזאגט זיך פון גאטעסדיענסט אין דער אנגליקאנישער קירך; א געגנער פון דער קעניגליכער אויבערהערשאפט אין דער אנגליקאנישער קירך.

recusa'tion *n.* (רעק-יו-זיי'-שאן) אן איינווענדונג געגען א ריכטער, א שיעדס-ריכטער אדער אן עקספערט [דאס זיי זיינען ניט פאסענד פאר א געוויסען פראצעס].

recuse' *v.* (רי-קיוז') ענטזאגען, צוריקווייזען; מאכען אן איינווענדונג געגען א ריכטער, א שיעדס-ריכטער אדער עקספערט, אז זיי זיינען ניט פאסענד פאר א געוויסען פראצעס.

recus'sion *n.* (רי-קאש'-אן) א ריקשלאג, דאס אבקלאפען צוריק.

red *a., n. and v.* (רעד) רויט; שטארק ראדיקאל, רעוואלוציאנער; א רויטער קאליר; רויטקייט; רויטע פארב; א קופערנער סענט; א פרוטה; עטוואס וואס האט א רויטען קאליר; אן עקסטרעמער ראדיקאל, א רעוואלוציאנער; מאכען רויט; ברייננגען אין ארדנונג, איינריכטען, איינארדנען; פאנאנדערנעהמען, פאנאנדערטיילען [צוויי שטרייטענדע]; אבשטעלען אדער מאכען א סוף [צו א מחלוקה], שליכטען א סכסוך.

redact' *v.* (רי-דעקט') רעדאגירען, רעדאקטירען.

redacteur' *n.* (רע-דעק-טויר') ז. ***redactor***

redac'tion *n.* (רי-דעק'-שאן) דאס רעדאגירען, די רעדאקציאן [די איבערזעהונג און צופערטיגונג פון שריפטען צום דרוקען]; א ווערק וואס איז רעדאגירט געווארען; א רעדאקציע, דער פערזאנאל פון א רעדאקציע [די שרייבער פון א צייטונג אדער זשורנאל].

redac'tor *n.* (רי-דעק'-טאר) א רעדאקטאר.

redacto'rial *a.* (רי-דעק-טאו'-רי-על) רעדאקציאנעל; וואס איז שייך צו א רעדאקטאר אדער א רעדאקציע.

redan' *n.* (רי-דען') א רעדאן, א מין דריי-עקיגעס פעסטונגס-ווערק וואס ווערט געמאכט פון ערד און ווערט געשטעלט מיט'ן שפיציגען טייל צום פיינד.

Redans

red and black (רעד ענד בלעק) רויט און שווארץ-שפיעל [אזא קארטען-שפיעל].

red ant (רעד ענט) די רויטע מוראשקע [אזא קליינע רויטע מוראשקע].

red an'timony (רעד ענ'-טי-מא-ני) אנטימאן-בלענדע [אזא רויטער מינעראל וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון אנטימאניום מיט זויערשטאף און שוועבעל].

red arsen'ic (רעד אר-סענ'-איק) רעאלגאר [אזא כעמישער שטאף]. ז. ***realgar***

red ash (רעד עש) דער רויטער עשען-בוים [אזא גרויסער אויסטראלישער בוים מיט א זעהר הארטען האלץ]. ז. ***ash***

red'-backed *a.* (רעד'-בעקט) מיט א רויטען רוקען.

red bay (רעד ביי) אזא אמעריקאנער לארבער-פלאנצע.

Red Bay

red'-beaked *a.* (רעד'-ביעקט) מיט א רויטען שנאבעל.

red'-bel'lied *a.* (רעד'-בעל'-איד) רויט-בייכיג.

red'-billed *a.* (רעד'-בילד) וואס האט א רויטען שנאבעל.

red'bird *n.* (רעד'-בוירד) דער רויט-פויגעל [א נאמען פאר פערשיעדענע פויגלען פון רויטען קאליר].

red'-blood'ed *a.* (רעד'-בלאד'-עד) רויט-בלוטיג, וואס האט רויטעס בלוט.

Red Book (רעד בוק) דאס רויטע בוך [דאס בוך וואס ענטהאלט די נעמען פון אלע רעגיערונגס-בעאמטע; דאס בוך אין וועלכען עס זיינען פערשריעבען די נעמען פון די פערס אין ענגלאנד; א האלב אפיציעלעס בוך וואס ווערט ארויסגעגעבען אין כינא פיערטעל-יעהרליך און וואו עס זיינען פערצייכענט די נעמען און קורצע בעשרייבונגען פון אלע רעגיערונגס-בעאמטע].

red'breast *n.* (רעד'-ברעסט) דאס רויט-קעלכען [אזא אייראפעאישעס פויגעלע מיט א רויטען בריסטעל].

red'-breas'ted *a.* (רעד'-ברעס'-טעד) רויט-ברוסטיג, וואס האט א רויטע ברוסט.

red'bud *n.* (רעד'-באד) דער יודאס-בוים [אזא קליינער בוים וועלכער בליהט אין פריהלינג מיט בליהונגען עהנליך צו א פערסיק-בוים און האט הארץ-פערמיגע בלעטער. די בליהונגען האבען א זויערליכען געשמאק און ווערען אפט בענוצט אלס סאלאט].

red'cap *n.* (רעד'-קעפ) דער גאלד-פינק, דער רויט-פינק [אזא פויגעל]; אזא ענגלישע הוהן; א גייסט וועלכער געפינט זיך, לויט דעם פאלק'ס אבערגלויבען אין שאטלאנד, אין אלטע שלעסער [פעסטונגס-פאלאצען].

red'-capped *a.* (רעד'-קעפט) מיט א רויטען אויבערשטען טייל פון קאפ.

red ce'dar (רעד סי'-דאר) דער ווירדזשיניער וואכאלדער, דער רויטער צעדער [א געוויסער צעדער-בוים וואס וואקסט אין שטאאט ווירדזשיניא, אמעריקא].

red cent (רעד סענט) א קופערנער סענט, א פרוטה.

red chalk (רעד טשאהק) רויטער קרייד; רויט-שטיין.

red'-cheeked *a.* (רעד'-טשיעקט) רויט-באקיג, מיט רויטע באקען.

red'coat *n.* (רעד'-קאוט) אן ענגלישער סאלדאט [אלס א צונאמען אין דער אמעריקאנישער געשיכטע].

red cop'per (רעד קאפ'-ער) רויט-קופער [רויטער נאטירליכער קיפער].

Red Cross (רעד קראהס). ז. ***Red-Cross Society***

red'-cross *a.* (רעד'-קראהס) וואס טראגט א רויטען קרייץ [דער קרייץ פון הייליגען געארג].

refu'sable *a.* (רי-פיו'-זעבל) וואס קען ענטזאגט ווערען, וואס קען צוריקגעוויזען ווערען.

refu'sal *n.* (רי-פיו'-זעל) אן ענטזא-גונג; א צוריקווייזונג; דאס רעכט אוים-צוקלייבען, א ברירה.

refuse' *v.* (רי-פיוז') ענטזאגען, אבזאגען; צוריקווייזען; ווידערשטעהען, צוריקשטוי-סען, ניט אננעהמען; צוריקהאלטען אדער צוריקציהען [מיליטער]; ווידער שמעל-צען, איבערשמעלצען.

ref'use *n. and a.* (רעפ'-יוס) דאס וואס ווערט צוריקגעוויזען, דאס פון וואס מען זאגט זיך אב; אבפאל; פסלת; בראק; צוריקגעוויזען, אבגעווארפען; פערברא-קירט; ווערטהלאז.

refuse' no pains (רי-פיוז' נאו פיינז) ניט זשאלעווען קיין מיה.

refu'ser *n.* (רי-פיו'-זער) אן ענטזאגער, א צוריקווייזער.

refu'sion *n.* (רי-פיו'-זשאן) אומגיסונג, צוריקגיסונג; אומשמעלצונג, איבערשמעל-צונג.

refutabil'ity *n.* (רי-פיו-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען ווידערלעגט ווערען אדער בעוויזען ווערען אלס פאלש.

refu'table *a.* (רי-פיו'-טעבל) ווידערלעג-באר, וואס קען ווידערלעגט ווערען אדער בעוויזען ווערען פאר פאלש.

refu'tably *adv.* (רי-פיו'-טע-בלי) אזוי אז עס זאל קענען ווידערלעגט ווערען אדער בעוויזען ווערען פאר פאלש.

refu'tal *n.* (רי-פיו'-טעל) ז. *refutation*

refuta'tion *n.* (רעפ-יו-טיי'-שאן) ווי-דערלעגונג, דאס בעווייזען די פאלשקייט פון עפעס.

refu'tatory *a.* (רי-פיו'-טע-טא-רי) ווי-דערלעגענד, וואס בעווייזט די פאלשקייט פון עפעס.

refute' *v.* (רי-פיוט') ווידערלעגען, בע-ווייזען די פאלשקייט פון עפעס; בעזיע-גען דורך ארגומענטען.

The argument can not be **refuted**.

refu'ter *n.* (רי-פיו'-טער) איינער אדער עטוואס וואס ווידערלעגט אדער בעווייזט די פאלשקייט פון עפעס.

regain' *v.* (רי-גיין') 1. צוריקקריגען,

צוריק געווינען, צוריק בעקומען; 2. צוריק דערגרייכען, צוריקקומען.
1. After years of hard labor he **regained** his lost fortune. 2. The shipwrecked **regained** the shore in safety.

re'gal *a. and n.* (ריע'-געל) קעניגליך; אזא מין פארצייטיגער קליינער ארגעל, וואס מען האט געקענט האלטען אין די הענד; א מין פארצייטיגע מויל-הארמאניקע.

rega'le *n.* (רי-גיי'-לי) א רעגאלע [א קעניגליכע פריווילעגיע, דאס רעכט פון א הערשער]; די מאכט פון א הערשער אין קירכען-אנגעלעגענהייטען.

regale' *v. and n.* (רי-גייל') פיין אויפנעהמען אדער מכבד זיין; פערשאפען פערגניגען, אמוזירען; האבען א גוטען מאהלצייט; הוליען, זיך אמוזירען; א מאהלצייט, אן אונטערהאלט, א הוליאנקע.
The visitors **regaled** themselves in the best hotel in the city.

regale'ment *n.* (רי-גייל'-מענט) א סעודה, א הוליאנקע, אן אונטערהאלטונג; צופריעדענשטעלונג, אמוזירונג.

rega'ler *n.* (רי-גיי'-לער) איינער וואס איז פיין מכבד, נעהמט פיין אויף, אמוזירט אדער פערשאפט פערגניגען; עטוואס וואס אמוזירט אדער פערשאפט פערגניגען.

rega'lia *n.* (רי-גיי'-ליא) רעגאלען [צייכענס פון קעניגליכער ווירדע, ווי די קרוין, דער סצעפטער א. ז. וו.]; צייכענס און בעציערונגען פון א פעראיין; א מין ציגאר.



Regalia

rega'lian *a.* (רי-גיי'-ליען) קעניגליך; וואס איז שייך צו די צייכענס פון קעניגליכער ווירדע. ז. *regalia*

rega'lia of the church (רי-גיי'-ליא אוו טהי טשוירטש) די קירכען-רעכטע [געשענקט פון קעניג].

re'galism *n.* (ריע'-געל-איזם) קעניגליכע קאנטראלע אין קירכליכע אנגעלעגענהייטען.

regal'ity *n.* (רי-געל'-אי-טי) קעניגליכע מאכט אדער ווירדע.

re'gally *adv.* (ריע'-געל-אי) אויף א קעניגליכען אופן.

re'gal suprem'acy (רי'-געל סיו-פרעמ'-ע-סי) די קעניגליכע אויבערמאכט איבער דער שטאאטס-קירך.

regard' *v. and n.* (רי-גארד') 1. אנקוקען, בעטראכטען, אויפמערקזאם זיין [אויף עפעס]; 2. נעהמען אין אנבעטראכט, זיך קימערען; רעספעקטירען, אכטען; 3. בעהאנדלען, אנגעהן, זיך בעציהען מיט געוויסע געפיהלען, ארויסצייגען א צונייגונג; 4. בעטראכטען אלס...; 5. האבען א שייכות, זיך בעציהען; 6. דאס אויסזעהן; אנזיכט; 7. דאס נעהמען אין אכט; 8. אכטונג; 9. א רעפוטאציע, א בעדייטונג, א וויכטיגקייט; 10. א בעציהונג, א שייכות; 11. א הינזיכט, א בעציהונג; 12. די רעגיערונגס-אויפזיכט איבער וועלדער [אין ענגלאנד]; א שטיק וואלד אונטער דער אויפזיכט פון רעגיערונגס-בעאמטע.
2. A gentleman always **regards** the feelings of others. 3. His associates seem to **regard** him with kindness. 4. He is **regarded** as the best candidate for mayor. 5. The argument does not **regard** the question. 7. He did it without **regard** for the consequences involved. 8. Not all your friends are worthy of **regard**. 9. He is a man of the meanest **regard**. 10. Nothing has so far been done in **regard** to the question. 11. She is worthy of praise in all **regards**.

regard'able *a.* (רי-גארד'-עבל) בעמערקענסווערטה.

regard'ant *a.* (רי-גארד'-ענט) 1. בעטראכטענד; קוקענד [פארויס אדער נאך הינטען]; 2. אויפמערקזאם קוקענד, היטענד; 3. קוקענד איינער אויף'ן אנדערען, געווענדעט איינער צום אנדערען.
1. He gazed with **regardant** looks. 3. The marble relief represents two **regardant** portraits of a lady and a gentleman.

regard'er *n.* (רי-גארד'-ער) אן אויפזעהער איבער וועלדער [אין ענגלאנד]; א בעאבאכטער, א צוזעהער.

regard'ful *a.* (רי-גארד'-פול) אויפמערקזאם; בעאבאכטענד, וואכזאם; אכטונגספול, מיט אכטונג.

regard'fully *adv.* (רי-גארד'-פול-אי) מיט אויפמערקזאמקייט; וואכזאם, מיט בעאבאכטונג; מיט אכטונג, מיט רעספעקט.

regard'ing *prep.* (רי-גארד'-אינג) וואס איז שייך צו..., אין בעצוג, וועגען, אין בעטרעף פון...

regard'less *a.* (רי-גארד'-לעס) אונאויפמערקזאם, נאכלעסיג, וואס קימערט זיך ניט, וואס נעהמט ניט אין אכט.

regard'lessly *adv.* (רי-גארד'-לעס-לי) ניט אכטענדיג, ניט קימערענדיג זיך; ניט נעהמענדיג אין אכט; אויף א נאכלעסיגען אופן, מיט אונאויפמערקזאמקייט.

regard'lessness *n.* (רי-גארד'-לעס-נעס) אונאויפמערקזאמקייט, זארגלאזיגקייט, נאכלעסיגקייט, דאס ניט קימערען זיך, דאס ניט נעהמען אין אכט.

regard'-ring *n.* (רי-גארד'-רינג) א רינג אויסגעזעצט מיט אזעלכע שטיינער, וואס די ערשטע בוכשטאבען פון זייערע נעמען שטעלען צוזאמען דאס ווארט *regard*, ווי **r**uby, **e**merald, **g**arnet, **a**methyst, **r**uby און **d**iamond.

regards' *n.* (רי-גארדז') גוטע ווינשע, גריסונג, גרוסען.
Give my **regards** to your family.

regath'er *v.* (רי-געטה'-ער) ווידער צונויפזאמלען, אויפס-ניי זאמלען.

regat'ta *n.* (רי-געט'-א) א שיפען-וועט-לויף, א וועט-לויף אויף שיפען.

re'gelate *v.* (ריע'-דזשי-לייט) צוריק פערפרארען ווערען; צוזאמענגעפרארען ווערען.

regela'tion *n.* (רי-דזשי-ליי'-שאן) צוזאמענפריהרונג.

re'gency *n.* (ריע'-דזשענ-סי) רעגיערונג, הערשאפט; רעגענטשאפט, דאס אמט אדער פערוואלטונג פון א רעגענט [איינער וואס רעגיערט אנשטאט א הערשער אין פאל פון זיין אונפעהיגקייט, אבוועזענהייט אדער מינדעריעהריגקייט], די פערוואלטונג פון א רעגענט, די מלוכה אונטער א רעגענט, די פעריאדע וואס א רעגענטשאפט איז אין מאכט; דאס אמט פון א מיטגליעד פון אן אוניווערזיטעטס-פערוואלטונג; מוניציפאלע פערוואלטונג פון איינינע אייראפעאישע שטעדט.

regen'eracy *n.* (רי-דזשענ'-ע-ריי-סי) ווידער-געבארענקייט, דאס זיין ווידער-געבארען אדער בענייט. ז. *regenerate*

regen'erate *v. and a.* (רי-דזשענ'-ע-רייט) ווידער געבעהרען, רעפראדוצירען, צוריקשטעלען, בענייען; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — ווירקען, אז איינער זאל גייסטיג ווי ווידער געבארען ווערען, זאל ווערען א קריסט אדער זאל זיך גייסטיג ענדערען אונטער דער געטליכער השפעה; ווידער-געבארען, רעפראדוצירט, צוריקגעשטעלט, בענייט; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — גייסטיג ווידער-געבארען אדער איבערגעגאנגען פון א קערפערליכען אין א גייסטיגען צושטאנד.

regen'erateness *n.* (רי-דזשענ'-ע-רייט-נעס) ז. *regeneracy*

regenera'tion *n.* (רי-דזשענ-ע-ריי'-שאן) די ווידער-געבורט; א ניי לעבען; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — אן ענדערונג אונטער דער ווירקונג פון דער געטליכער השפעה; די בענייאונג אדער ווידער-געבורט פון דער וועלט נאך יעזוס'עס צווייטער ערשיינונג אויף דער ערד; אין ביאלאגיע — אויסבילדונג פון נייעם צעלען-געוועב; אויסבילדונג פון נייע קערפער-טיילען אנשטאט די פערניכטעטע אדער פערלארענע.

regen'erative *a.* (רי-דזשענ'-ע-ריי-טיוו) ווידער-געבעהרענד; וואס רופט ארויס ווידער-געבורט, רעפראדוצירענד, צוריקשטעלענד, בענייענד; אין מעטאל-שמעלצונג — וואס מאכט געברויך פון דער אויסגענוצטער היץ.

regen'erative fur'nace (רי-דזשענ'-ע-ריי-טיוו פויר'-נעס) א רעגענעראטאר, א זיעמענס-אויוועז [אן אויווען, אין וועלכען מען מאכט געברויך פון דער אויסגענוצטער היץ].

regen'eratively *adv.* (רי-דזשענ'-ע-ריי-טיוו-לי) ווידער-געבעהרענדיג, רעפראדוצירענדיג, צוריקשטעלענדיג, בענייענדיג.

regen'erator *n.* (רי-דזשענ'-ע-ריי-טאר) איינער וואס רופט ארויס ווידער-געבורט; איינער וואס רעפראדוצירט אדער בענייט; א רעגענעראטאר [א פארריכטונג אין א שמעלץ-אויווען אנצוזאמלען די אויסגענוצטע היץ].

regen'erator-fur'nace *n.* (רי-דזשענ'-ע-ריי-טאר-פויר'-נעס) א שמעלץ-אויווען מיט א רעגענעראטאר. ז. *regenerator*

regen'eratory *a.* (רי-דזשענ'-ע-ריי-טא-רי) ווידער-געבעהרענד, וואס רופט ארויס ווידער-געבורט, רעפראדוצירענד, צוריקשטעלענד, בענייענד.

regen'esis *n.* (רי-דזשענ'-ע-סיס) ז. *regeneracy*

re'gent *a. and n.* (ריע'-דזשענט) רעגירענד, הערשענד; וואס איז א רעגענט אדער רעגענטין [איינער אדער איינע וואס פיהרט א מלוכה אנשטאט א הערשער צוליעב זיין אבוועזענהייט, אונפעהיגקייט אדער מינדעריעהריגקייט]; א הערשער, א רעגיערער; אנטייל-נעהמענד אין דער פערוואלטונג פון אן אוניווערזיטעט; א רעגענט, א רעגענטין; א מיטגליעד פון אן אוניווערזיטעטס-פערוואלטונג.

re'gent-bird *n.* (ריע'-דזשענט-בוירד) דער רעגענט-פויגעל [אזא אויסטראלישער פויגעל מיט סאמעט-שווארצע און גאלד-געלבע פעדערען].

re'gentess *n.* (ריע'-דזשענ-טעס) א רעגענטין. ז. *regent*

re'gent-o'riole *n.* (ריע'-דזשענט-או'-רי-אול) ז. ***regent-bird***

re'gentship *n.* (ריע'-דזשענט-שיפ) רעגענטשאפט. ז. ***regency***

reger'minate *v.* (רי-דזשויר'-מי-נייט) וויעדער אויפשפראצען.

regermina'tion *n.* (רי-דזשויר-מי-ניי'-שאן) א וויעדער=אויפשפראצונג.

reg'icidal *a.* (רעדזש'-אי-סאי-דעל) וואס איז שייך צו א קעניג=מארד אדער קעניג=מערדער.

reg'icide *n.* (רעדזש'-אי-סאיד) א קעניג=מארד; א קעניג=מערדער.

regild' *v.* (רי-גילד') איבערגילטען.

régime' *n.* (ריי-זשיעם') 1. א רעזשים, א סיסטעם אדער פארם פון רעגיערונג אדער פערוואלטונג; 2. א רעגיערונגס=ארדנונג, א מלוכה=פערוואלטונג.

1. The new manager instituted a different **régime** in the office. 2. The Modero **régime** in Mexico was overthrown by a revolution.

reg'imen *n.* (רעדזש'-אי-מען) א רעגיערונגס=ארדנונג, א רעגיערונגס=סיסטעם, א רעגיערונגס=פארם; א כלל אדער פארשריפט ווי זיך אויפצופיהרען, בעזאנדערס וועגען דער אבהיטונג פון דעם געזונד; דיעטע, נאהרונגס=סיסטעם; היגיענע, געזונדהייטס=פארשריפטען; די וואהל פון שפייזען ביי חיות; אין גראמאטיק — סמיכות, די אבהענגיגקייטס=פערהעלטניס פון איין ווארט אין בעצוג צו א צווייטען [די ענדערונג וואס ווערט געמאכט אין א ווארט, ווען עס קומט אין פערבינדונג מיט א צווייטען]; דאס ווארט וואס ווערט געענדערט צוליעב זיין פערבינדונג מיט א צווייטען ווארט.

reg'iment *n.* and *v.* (רעדזש'-אי-מענט) א רעגימענט, א פאלק סאלדאטען; בילדען א רעגימענט, איינטיילען סאלדאטען אין רעגימענטען אדער פאלקען.

regimen'tal *a.* (רעדזש-אי-מענ'-טעל) וואס געהערט צו א רעגימענט אדער פאלק.

regimen'tals *n.* (רעדזש-אי-מענ'-טעלז) מיליטער=קליידער, א מיליטער=מונדיר, א סאלדאטען=אוניפארם.

regimenta'tion *n.* (רעדזש-אי-מענ-טיי'-שאן) דאס פארמירען רעגימענטען, דאס איינטיילען אין פאלקען.

regim'ina *n.* (רי-דזשימ'-אי-נא) רעגיערונגס=סיסטעמען; כללים אדער פארשריפטען; דיעטען; ווערטער וואס ווערען געענדערט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער. ז. ***regimen***

regim'inal *a.* (רי-דזשימ'-אי-נעל) וואס איז שייך צו רעגיערונגס=סיסטעמען; וואס איז שייך צו דיעטע; וואס איז שייך צו כללים אדער פארשריפטען [הויפטזעכליך וועגען היגיענע]; אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו די ענדערונגען פון ווערטער צוליעב פערבינדונגען מיט אנדערע ווערטער. ז. ***regimen***

re'gion *n.* (ריע'-דזשאן) א רעגיאן, א געגענד, א געביעט; אן ארט, א פלאץ אדער טייל פון קערפער; די איינוואהנער פון א געגענד אדער געביעט.

re'gional *a.* (רי'-דזשאנ-על) וואס איז שייך צו א בעשטימטען רעגיאן, געגענד אדער געביעט; וואס איז שייך צו דער טיילונג אין רעגיאנען.

re'gionally *adv.* (רי'-דזשאנ-על-אי) אין בעצוג צו א געוויסען רעגיאן, געגענד אדער געביעט.

re'gionary *a.* (רי'-דזשאנ-ע-רי) וואס איז שייך צו א רעגיאן אדער רעגיאנען.

reg'ister *n.* and *v.* (רעדזש'-אים-טער) א רעגיסטער, א רייסטער, א פערצייכניס; א פראטאקאל, א פראטאקאל=בוך, א רעגיסטער=בוך; א דאקומענט וואס ווערט ארויסגעגעבען פון צאל=אמט [טאמאזשנע] צו א שיף אלס בעשטעטיגונג פון וואס פאר א לאנד זי קומט; דער אומפאנג אדער די גרויס פון א שטימע, דער טאן=אומפאנג פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט; דער טאן=רעגיסטער פון א שטימע אדער מוזיקאלישען אינסטרומענט; אן ארגעל=רעגיסטער; א פארריכטונג צו פערצייכענען אויטאמאטיש די צאהל אומדרעהונגען פון א מאשין, דעם דאמפף=דרוק, די צאהל געמאכטע ארבייט א. ד. ג.; א צוג=שיעבער [א פארריכטונג צו רעגולירען דעם דורכגאנג פון לופט אדער ווארימקייט]; אן אויווען=קלאפע, א קוימען=שיעבער; אין דרוקעריי — די גענויע גלייכע אויסשטעלונג פון די שורות אויף ביידע זייטען פון בלאט; די פינקטליכע איינשטעלונג פון די פארבען ביי פארבען=דרוקעריי; דער אינוועניגסטער טייל פון א מאטריצע [פורם] אין וועלכער דרוקשריפט ווערט אבגעגאסען; א בענדעל וואס ווערט בעהעפט צו א בוך אלס א לעזע=צייכען; א רעגיסטראטאר, איינער וואס רעגיסטרירט, טראגט אריין אין א רייסטער; א פערצייכנער; א פראטאקאל=שרייבער; רעגיסטרירען; פראטאקאלירען, פערשרייבען; אריינטראגען אין די ביכער, אריינטראגען דעם נאמען אין רייסטער; זיך פערשרייבען, זיך רעגיסטרירען; אין דרוקעריי — אויסשטעלען גענוי גלייך די שורות אדער די עמודים אויף ביידע זייטען פון בלאט; איינשטעלען פינקטליך די פארבען אין פארבען=דרוקעריי; צונויפדרעהען איינצעלנע פעדים אין א שטריק.

reg'isterable *a.* (רעדזש'-אים-טער-עבל) וואס קען רעגיסטרירט ווערען.

reg'istered *a.* (רעדזש'-אים-טערד) רעגיסטרירט, אריינגעטראגען אין א רייסטער אדער אין א בוך; פערשריבען.

reg'istered bond (רעדזש'-אים-טערד באנד) א רעגיסטרירטע אבליגאציאן [אן אבליגאציאן (שולד=פאפיער) פון א שטאאט אדער פון א קארפאראציאן וואס ווערט פערשריבען אין די ביכער אויף דעם נאמען פון דעם צו וועמען זי ווערט ארויסגעגעבען.].

reg'istered let'ter (רעדזש'-אים-טערד לעט'-ער) א רעגיסטרירטער אדער רעקאמענדירטער בריעף, א זאקאזנאיער בריעף [א בריעף וואס ווערט פערשריבען אין די ביכער פון פאסט=אמט און פאר וועלכען די פאסט נעהמט די פעראנטווארטליכקייט, אז ער וועט צוגעשטעלט ווערען צום אדרעסאט].

reg'ister-grate *n.* (רעדזש'-אים-טער-גרייט) א קאמין מיט א צוג=שיעבער [צו רעגולירען די ווארימקייט].

reg'ister in bank'ruptcy (רעדזש'-אים-טער אין בענק' ראפט-סי) ז. ***bankruptcy commissioner***

reg'istering *n.* (רעדזש'-אים-טער-אינג) ז. ***registration***

reg'istering thermom'eter (רעדזש'-אים-טער-אינג טהויר-מאמ'-ע-טער) אן אויטאמאטיש רעגיסטרירענדער טהערמאמעטער [א טהערמאמעטער וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די העכסטע אדער נידריגסטע טעמפעראטור].

reg'ister of deeds (רעדזש'-אים-טער אוו דיעדז) א בעאמטער וואס דארף רעגיסטרירען [פערשרייבען אין די ביכער] יעדען קויף און פערקויף פון לאנד אדער הייזער אין א געוויסען דיסטריקט.

reg'ister-of'fice *n.* (רעדזש'-אים-טער-אפ'-אים) א רעגיסטריר=קאנטאר; א קאנטאר וואו רעגיסטערס, פראטאקאלען אדער רייסטערס ווערען געהאלטען; אן אגענטור וואס שטעלט צו הויז=בעדיענטע.

reg'istership *n.* (רעדזש'-אים-טער-שיפ) דאס אמט פון א רעגיסטראטאר. ז. ***registrar***

reg'istrable *a.* (רעדזש'-אים-טרעבל) וואס קען רעגיסטרירט ווערען.

reg'istrar *n.* (רעדזש'-אים-טראר) א רעגיסטראטאר; א פערשרייבער; א פראטאקאל=פיהרער; א סעקרעטער פון אן אוניווערזיטעטס=פערוואלטונג.

reg'istrarship *n.* (רעדזש'-אים-טראר-שיפ) ז. ***registership***

reg'istrary *n.* (רעדזש'-אים-טרע-רי) ז. ***registrar***

registra'tion *n.* (רעדזש-אים-טריי'-שאן) די רעגיסטרירונג, דאס אריינטראגען אין א בוך, די איינשרייבונג; די פראטאקאלירונג; דאס אנשטעלען דעם ארגעל=רעגיסטער.

registra'tional *a.* (רעדזש-אים-טריי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו רעגיסטרירונג.

reg'istry *n.* (רעדזש'-אים-טרי) די רעגיסטרירונג, פראטאקאלירונג, די איינשרייבונג, דאס איינטראגען אין די ביכער; א רעגיסטרירונגס=ארט, א פערשרייב=ארט; א רעגיסטער, א פערצייכניס; א פראטאקאל.

re'gium do'num (רי'-דזשי-אם דאו'-נאם) א קעניגליכער געשענק; דער בייטראג פון דער ענגלישער רעגיערונג וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען צו אונטערשטיצען די פרעסביטעריאנישע גייסטליכע אין אירלאנד.

re'gius profes'sor (רי'-דזשי-אס פרא-פעס'-אר). א קעניגליכער פראפעסאר [א פראפעסאר אין אן ענגלישען אוניווערזיטעט וואס פערנעהמט א פראפעסאר=שטעלע וועלכע איז איינגעפיהרט געווארען פון דעם קעניג הענרי דעם 8טען].

regive' *v.* (רי-גיוו') צוריקגעבען.

reg'let *n.* (רעג'-לעט) א זאץ=שטעג [א דין האלץ=ברעטעל וואס ווערט געלעגט צווישען די שורות פון גרויסע בוכשטאבען=זאץ ברייטער אבצוטיילען איין שורה פון דער אנדערער]; אין ארכיטעקטור — א שמאלער פלאכער לייסט אדער געזימס וואס ווערט בענוצט אלס פערציערונג אדער אבצוטיילען געוויסע טיילען פון דער געביידע איינע פון די אנדערע.

reglow' *v.* and *n.* (רי-גלאו') וויעדער אויפגליהען; א וויעדער=אויפגליהונג. ז. ***recalescence***

reg'nal *a.* (רעג'-נעל) וואס איז שייך צו דער רעגיערונג פון א מאנארך.

reg'nal years (רעג'-נעל יירז) די רעגיערונגס=יאהרען פון א מאנארך.

reg'nancy *n.* (רעג'-נענ-סי) דאס הערשען.

reg'nant *a.* (רעג'-נענט) רעגיערענד; הערשענד.

reg'num *n.* (רעג'-נאם) א צייכען פון קעניגליכקייט; א קרוין.

regraft' *v.* (רי-גרעפט') וויעדער מרכיב זיין [אריינזעצען א צווייג פון איין בוים אין אן אנדערען].

regrant' *v.* and *n.* (רי-גרענט') וויעדער געבען, פון דאס ניי בעווילינען; דאס געבען אדער בעווילינונג פון דאס ניי.

regrate' *v.* (רי-גרייט') העקערען, פער=

קויפֿען אין דעטאַיל [לאחדים]; אויפקויפען לעבענס-מיטעל און ווידער פערקויפען פאַר אַ העכערען פרייז; אַבפּוצען אַ שטיין.

regra'ter *n.* (רי-גריי'-טער) אַ קליין-הענדלער, אַ דעטאַיל-פערקויפער, אַ לאחדים'ניק; אַן אויפקויפער פון לעבענס-מיטעל אויף'ן מאַרק צו פערקויפען לאחדים אויף דעמזעלביגען מאַרק.

regra'tor *n.* (רי-גריי'-טאָר) ז. *regrater*.

regreet' *v. and n.* (רי-גריעט') ווידער גריסען; גריסען צוריק; אַ געגען-גרוס, אַ צוריקגריסונג; אַ בעגריסונג.

regress' *v.* (רי-גרעס') צוריקקעהרען, צוריקגעהן, זיך צוריק אומקעהרען; אין אַסטראָנאָמיע — זיך בעוועגען פון מזרח צו מערב.

re'gress *n.* (רי'-גרעס) אַ ריקקעהר, אַ ריקגאַנג; אַ ריקטריט, אַ ריקשריט.

regres'sion *n.* (רי-גרעש'-אָן) אַ צוריק-קעהרונג; אַ ריקקעהר; אַ ריקגאַנג; אַ ריקטריט, אַ ריקשריט; אין אַסטראָנאָמיע — אַ ריקלויפיגע בעוועגונג, אַ בעוועגונג פון מזרח צו מערב.

regres'sive *a.* (רי-גרעס'-איוו) צוריק-קעהרענד; צוריקטרעטענד, צוריקשטרייטענד; ריקגענגיג.

regres'sively *adv.* (רי-גרעס'-איוו-לי) צוריקגעהענדיג, צוריקטרעטענדיג; ריק-גענגיג.

regret' *v. and n.* (רי-גרעט') בעדויערען; חרטה האָבען, בערייהען; בענקען, צוריקווינשען; דאָס בעדויערען; קומער, פערדרוס; אַן אויסדרוק פון בעדויערען; אַן ענטשולדיגונגס-בריעף וואו עס ווערט אויסגעדריקט אַ בעדויערען פאַר ניט קענען אָננעהמען אַן איינלאַדונג.

regret'ful *a.* (רי-גרעט'-פול) פול מיט בעדויערען.

regret'fully *adv.* (רי-גרעט'-פול-אי) מיט בעדויערען.

regrets' *n.* (רי-גרעטס') אַן אויסדרוק פון בעדויערונג.

regret'table *a.* (רי-גרעט'-עבל) בעדויערליך.

regret'tably *adv.* (רי-גרעט'-ע-בלי) מיט בעדויערען.

regrowth' *n.* (רי-גראָוטה') דאָס ווידער וואַקסען; דאָס וואַקסען פון דאָס ניי.

reg'ulable *a.* (רעג'-יו-לעבל) רעגולירבאַר, וואָס קען רעגולירט ווערען.

reg'ular *a. and n.* (רעג'-יו-לאַר) רעגולער, רעגולאַרנע, רעגעלמעסיג; רעגעלרעכט, מעטאָדיש; סימעטריש, נאָרמאַל; געהעריג, ריכטיג, דורך און דורך, פאַלשטענדיג; וואָס איז לויט דעם אָנגענומענעם כלל; וואָס איז אָנגענומען אַלס געזעץ אָדער כלל; פערמאַנענט, בעשטענדיג; וואָס בעלאַנגט צו דער רעגולערער אַרמעע; וואָס איז שייך צו אַ מאָנאַכען-אָרדען; אַ מיטגליעד פון אַ מאָנאַכען-אָרדען; אַ סאָלדאַט פון דער רעגולערער אַרמעע; איינער וואָס האָט אַ רעגולערע בעשעפטיגונג.

reg'ular cler'gy (רעג'-יו-לאַר קלויר'-דזשי) גייסטליכע וואָס בעלאַנגען צו אַ מאָנאַכען-אָרדען.

regular'ity *n.* (רעג-יו-לער'-אי-טי) דאָס זיין רעגולאַר; רעגעלמעסיגקייט; רעגעלרעכטיגקייט.

reg'ularize *v.* (רעג'-יו-לאַר-איז) בריינגען אין געהעריגער אָרדנונג; מאַכען רעגולער.

reg'ularly *adv.* (רעג'-יו-לאַר-לי) אויף אַ רעגולערען אופן; רעגעלמעסיג; רעגולאַר.

reg'ularness *n.* (רעג'-יו-לאַר-נעס) ז. *regularity*.

reg'ulatable *a.* (רעג'-יו-ליי-טעבל) רעגולירבאַר, וואָס קען רעגולירט ווערען.

reg'ulate *v.* (רעג'-יו-לייט) 1. רעגולירען; 2. איינרעגולירען; בריינגען אָדער האַלטען אין אָרדנונג; 3. שליכטען, אויסגלייכען.

1. The law **regulates** the hours of labor in factories for women and children.

reg'ulating *n.* (רעג'-יו-ליי-טינג) דאָס רעגולירען; דאָס בריינגען אין דער געהעריגער אָרדנונג; דאָס צונויפשטעלען אַן אייזענבאַהן-צוג איידער ער ווערט געלאָזען אין וועג.

regula'tion *n. and a.* (רעג-יו-ליי'-שאָן) די רעגולירונג, דאָס רעגולירען, דאָס בריינגען אין אָרדנונג; אַ רעגולאַציאָן, אַ פעראָרדנונג, אַ פאָרשריפט; אַ סטאַטוט, אַ געזעץ; וואָס האָט אַ בעשטימטען סטיל אָדער אַרט; לויט אַ געוויסען רעגעל אָדער כלל.

reg'ulative *a.* (רעג'-יו-ליי-טיוו) וואָס רעגולירט, וואָס דיענט צו רעגולירונג; רעגולירענד.

reg'ulator *n.* (רעג'-יו-ליי-טאָר) אַ רעגולירער, אַן איינאָרדנער; אין מעכאַניק — אַ רעגוליר-פאָרריכטונג, אַ רעגולאַטאָר [אַ מעכאַנישע פאָרריכטונג צו רעגולירען די גלייכמעסיגקייט פון בעוועגונג, פון דער טעמפּעראַטור, קראַפט א. ד. ג.]; אַ זייגער וואָס די גלייכמעסיגקייט פון זיין גאַנג ווערט אויטאָמאַטיש רעגולירט.



Regulator

reg'ulatory *a.* (רעג'-יו-ליי-טאָ-רי) ז. *regulative*.

reg'ulus *n.* (רעג'-יו-לאָס) דאָס קעניגעל [אַ געוויסער אייראָפּעאישער פויגעל מיט אַ גאָלד-פאַרביגען טשוב אויף'ן קאָפּ]; די ריינע מעטאַל-מאַסע וואָס לאָזט זיך אַראָב צום דעק פון דער כלי אין וועלכער עס ווערען געשמאָלצען מעטאַל-שלאַקען [פסלת]; אַ צווישען פּראָדוקט, וועלכער בעשטעהט פון מעטאַל סולפיד [מעטאַל פערבונדען מיט שוועבעל] וואָס ווערט ערהאַלטען פון שמעלצען קופּערערץ, בליי-ערץ, זילבער-ערץ און ניקעלערץ; אין אַלכעמיע — די מעטאַל-מאַסע וואָס בעקומט זיך פון פיזישער אָדער כעמישער ווירקונג אויף מעטאַל-ערץ; אין געאָמעטריע — אַ גראַד-ליניר־טע פלעכע אָהן דורכשניטס-ליניען.

Reg'ulus *n.* (רעג'-יו-לאָס) דער רעגולוס, אַזאַ זעהר ווייסער שטערען, וועלכער געפינט זיך אין דער קאָנסטעלאַציאָן אָדער שטערען-צוזאַמענזעצונג "דער לייב" [מזל אריה]; דער מין קעניגעל פויגלען.

regulus ז.

regur'gitant *a.* (רי-גויר'-דזשי-טענט) וואָס גיסט זיך צוריק, וואָס ווערט צוריקגעגאָסען; וואָס שטויסט אויף; וואָס ווערט צוריק אַראָבגעשלונגען.

regur'gitate *v.* (רי-גויר'-דזשי-טייט) צוריקגיסען; צוריקוואַרפען; צוריק אַרויפגעשטויסען ווערען, צוריק געגאָסען ווערען.

regurgita'tion *n.* (רי-גויר-דזשי-טיי'-שאָן) די צוריקגיסונג; די צוריק-אויפשטויסונג [ווי ביים עסען אָדער טרינקען]; דאָס צוריקשלינגען; דאָס ברעכען ביי זויגענדע קינדער; דאָס אויפשטויסען פון געטרענקע אָדער טיילען שפּייז צוריק אין מויל; די צוריקפליסונג פון בלוט דורך די האַרץ-ווענטילען, ווען זיי זיינען ניט אין אָרדנונג.

rehabil'itate *v.* (רי-הע-ביל'-אי-טייט) רעאַביליטירען, צוריק אומקעהרען צו די פריהערדיגע רעכטע, צום פריהערדיגען שטאַנד, צו דער פריהערדיגער עהרע א. ד. ג.

rehabilita'tion *n.* (רי-הע-ביל-אי-טיי'-שאָן) רעאַביליטירונג, דאָס צוריק אומקעהרען צו די פריהערדיגע רעכטע, צום פריהערדיגען שטאַנד, לאַגע א. ד. ג.

rehan'dle *v.* (רי-הענ'דל) ווידער האַנדלען אין די הענד, ווידער האָבען צו טהאָן מיט עטוואָס; איבערמאַכען.

rehash' *v. and n.* (רי-העש') איבערמאַכען, איבעראַרבייטען אין אַ נייער פאָרם; אַן איבערגעמאַכטע אָדער איבערגעניצעוועטע זאַך; אַ געריכט וואָס איז צונויפגעמישט פון שוין גענוצטע מאַטעריאַלען.

rehead' *v.* (רי-העד') צומאַכען פון דאָס ניי אַ קעפּעל [ווי צו אַ טשוואָק].

rehear' *v.* (רי-היער') ווידער הערען, פון דאָס ניי הערען; נאָך אַמאָל פערהערען, פון דאָס ניי אונטערזוכען.

rehear'ing *n.* (רי-היער'-אינג) דאָס הערען פון דאָס ניי; די נאָכאַמאַליגע פערהערונג, רעווידירונג אָדער אונטערזוכונג פון אַ פּראָצעס.

rehear'sal *n.* (רי-הויר'-סעל) אַ ווידערהאַלונג; דאָס דערצעהלען, ערצעהלונג; אַ פּראָבע, אַ רעפּעטיציע פון אַ טעאַטער-שטיק אָדער מוזיק-שטיק; אַ פּאָרטראַג.

rehearse' *v.* (רי-הוירס') ווידערהאַלען; פּאָרטראַגען, דערצעהלען; מאַכען פּראָבע, מאַכען רעפּעטיציע [פון אַ טעאַטער-שטיק אָדער מוזיק-שטיק].

rehear'ser *n.* (רי-הויר'-סער) אַ דערצעהלער, אַ פּאָרטראַגער.

rehear'sing *n.* (רי-הויר'-סינג) ז. *rehearsal*.

reheat' *v.* (רי-היעט') ווידער דערהיצען.

rehea'ter *n.* (רי-היע'-טער) אַ ווידער-דערהיצער, אַן אַפּאַראַט צו דערהיצען פון דאָס ניי.

rehea'ting-fur'nace *n.* (רי-היע'-טינג-פויר'-נעס) אַ שוויים-אויווען [אַן אויווען צו דערהיצען אייזען וואָס דאַרף געוואַלצט ווערען].

reheel' *v.* (רי-היעל') בעזאָרגען פון דאָס ניי מיט קנאַפּעל; ווידער אַריינשטריקען אַ פּיאַטקע [קולנע] אין אַ זאָק.

rehire' *v.* (רי-האַיר') ווידער דינגען.

We shall not **rehire** the discharged servant.

rehy'bridize *v.* (רי-האַי'-ברי-דאַיז) ווידער אויסמישען אָדער צונויפפּאָרען פערשיעדענע מינים [חיות אָדער פלאַנצען].

rehypoth'ecate *v.* (רי-האַי-פּאָטה'-אי-קייט) געבען אַ צווייטען מאָל אַלס היפּאָטעקע אָדער זאַקלאַדנע; פערזיכערען אַ חוב מיט גרונד-אייגענטום, וואָס איז שוין פערזעצט אַלס משכון פאַר אַן אַנדער חוב.

rehypotheca'tion *n.* (רי-האַי-פּאָטה-אי-קיי'-שאָן) דאָס ווידער-פערזעצען אָדער פער'משכון'ען; דאָס געבען אַ צווייטען מאָל אַלס היפּאָטעקע אָדער זאַקלאַדנע.

re'i *n.* (רי'-אַי) די אין יוריספּרודענץ — אָנגעקלאַגטע. ז. *reus*.

Reichs'rath *n.* (ראַיכס'-ראַט) דער רייכסראַט, דער עסטרייכישער פּאַרלאַמענט.

Reichs'tag *n.* (ראיכס'-טאך) דער רייכסטאג, דער דייטשער פארלאמענט.

re'ify *v.* (רי'-אי-פאי) פערקערפערען, פערזאניפיצירען; פארשטעלען אדער בעטראכטען [אן אבסטראקטען בעגריף] אלס א מאטעריעלע זאך.

reign *v. and n.* (ריין) רעגיערען; הערשען; די רעגיערונג, דאס רעגיערען; מאכט, הערשונג.

Reign of Ter'ror (ריין אוו טער'-אר) דער טעראר אדער שרעקען־הערשאפט [א פאליטישע סיסטעם, וואס דערגרייכט איהרע ציעלען דורך אכזר'ישע מיטלען, וועלכע ווארפען אן א שרעק, ווי למשל, דער טעראר אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן].

reillume' *v.* (רי-אי-ליום') ווידער בעלייכטען, ווידער אילומינירען.

reillu'minate *v.* (רי-אי-ליו'-מי-נייט) ווידער אילומינירען, ווידער בעלייכטען.

reillumina'tion *n.* (רי-אי-ליו-מי-ניי'-שאן) דאס ווידער בעלייכטען.

reimbur'sable *a.* (רי-אים-בויר'-סעבל) צוריקצאהלבאר, צוריקקעהרבאר, וואס קען צוריק ארויסגעצאהלט ווערען.

reimburse' *v.* (רי-אים-בוירס') ווידער אנפילען די קאסע; צוריק אומקעהרען דאס פערלארענע געלד.

reimburse'ment *n.* (רי-אים-בוירס'-מענט) די צוריקצאהלונג; דאס ווידער אנפילען די אויסגעלעדיגטע קאסע.

reimbur'ser *n.* (רי-אים-בויר'-סער) דער צוריקצאהלער; איינער וואס קעהרט אום דאס פערלארענע אדער אויסגעבראכטע געלד.

reimplant' *v.* (רי-אים-פלענט') ווידער איינפלאנצען.

reimplanta'tion *n.* (רי-אים-פלענ-טיי'-שאן) דאס צוריק איינפלאנצען; דאס צוריק אריינשטעלען אויף זיין ארט א ביין אדער א טייל פון א ביין, וואס איז ארויסגענומען געווארען דורך א כירורגישער אפעראציע.

reimport' *v.* (רי-אים-פאורט') ווידער אריינפיהרען [אויסלענדישע וואארע]; ברייננען צוריק.

reim'port *n.* (רי-אים'-פאורט) דאס ווידער אריינפיהרען [אויסלענדישע סחורות]; דאס ברייננען צוריק.

reimporta'tion *n.* (רי-אים-פאר-טיי'-שאן) די ווידער־אריינפיהרונג [פון אויסלענדישע וואארע]; דאס וואס ווערט ווידער אריינגעפיהרט.

reimportune' *v.* (רי-אים-פאר-טיון') ווידער בעלעסטיגען, ווידער דאקוטשען, ווידער צודרינגליך זיין.

reimpose' *v.* (רי-אים-פאוז') ווידער ארויפלעגען [א שטייער, א טאקסע, א לאסט].

reimposi'tion *n.* (רי-אים-פא-זיש'-אן) דאס ווידער ארויפלעגען [א שטייער].

reimpreg'nate *v.* (רי-אים-פרעג'-נייט) ווידער בעפרוכטען [א נקבה]; ווידער שוואנגער מאכען; ווידער אנזאפען מיט עפעס.

reimpress' *v.* (רי-אים-פרעס') ווידער איינדריקען; ווידער אבדרוקען.

reimpres'sion *n.* (רי-אים-פרעש'-אן) א נייער אבדרוק; א נייע אויפלאגע פון א בוך.

reimprint' *v.* (רי-אים-פרינט') איבערדרוקען א צווייטען מאל.

reimpris'on *v.* (רי-אים-פריז'ן) ווידער אריינזעצען אין געפעננגים.

reimpris'onment *n.* (רי-אים-פריז'ן-מענט) דאס ווידער איינשפארען אין געפעננגים.

rein *n. and v.* (ריין) די לייצע; א איינצוימונג, די איינהאלטונג; דאס האלטען די ממשלה; קירעווען מיט די לייצעס; האלטען אין צוים, צוריקהאלטען.

reinau'gurate *v.* (רי-אין-אה'-גיו-רייט) ווידער אמאל איינווייהען, ווידער אמאל איינפיהרען אין אמט.

reincar'nate *v.* (רי-אין-קאר'-נייט) ווידער איינקערפערען אין פלייש; ווידער בעדעקען מיט פלייש.

reincarna'tion *n.* (רי-אין-קאר-ניי'-שאן) דאס ווידער איינקערפערען אין פלייש.

reincense' *v.* (רי-אין-סענס') ווידער אנצינדען; ווידער אויפרייצען.

reincite' *v.* (רי-אין-סאיט') ווידער ערמוטיגען, ווידער אנרעגען.

reincor'porate *v.* (רי-אין-קאהר'-פא-רייט) ווידער איינקערפערען, איינפערלייבען אדער פעראייניגען.

reincrease' *v.* (רי-אין-קריעס') ווידער פערגרעסערען אדער פערמעהרען; מעהר פערשטארקען.

rein'deer *n.* (ריינ'-דיער) דאס רענטהיער [דער הירש פון די נארדליכע קאלטע לענדער].

Reindeer

rein'deer-li'chen *n.* (ריינ'-דיער-לאי'-קען) ז. *reindeer-moss*

rein'deer-moss *n.* (ריינ'-דיער-מאס) רענטהיער־מאך [אזא זארט מאך וואס וואקסט אין די קאלטע געגענדען און וואס דיענט אלס שפייז פאר די דארטיגע הירשען].

reinduce' *v.* (רי-אין-דיוס') ווידער בעווענען צו עפעס.

reinfect' *v.* (רי-אין-פעקט') ווידער אנשטעקען [מיט א קראנקהייט].

reinfec'tion *n.* (רי-אין-פעק'-שאן) ווידער־אנשטעקונג [מיט א קראנקהייט].

reinflame' *v.* (רי-אין-פליים') ווידער אנצינדען; ווידער פאנאנדערפלאקערען; פון דאס ניי אנצינדען אין פלאמען.

reinforce' *v. and n.* (רי-אין-פאורס') ווידער פערשטארקען; שטארקער מאכען; פערפעסטיגען; א פערשטארקונג, א פערפעסטיגונג.

reinforce'ment *n.* (רי-אין-פאורס'-מענט) א ווידער־פערשטארקונג; א פרישע פערשטארקונג; א צוגעגעבענע פערפעסטיגונג; הילפס־טרופען צו פערשטארקען אן ארמעע אדער א פלאטע.

reinfor'cer *n.* (רי-אין-פאור'-סער) א פערשטארקער, א פערפעסטיגער.

reinfor'cible *a.* (רי-אין-פאור'-סיבל) וואס קען פון דאס ניי פערשטארקט אדער פערפעסטיגט ווערען.

reinform' *v.* (רי-אין-פאהרם') ווידער אינפארמירען, ווידער מיטטיילען, ווידער צו וויסען געבען.

reinfuse' *v.* (רי-אין-פיוז') ווידער איינפליסען.

reingra'tiate *v.* (רי-אין-גריי'-שי-אייט) ווידער בעליעבט מאכען, ווידער איינקויפען אין חן.

reinhab'it *v.* (רי-אין-העב'-איט) ווידער בעוואהנען, ווידער בעזעצען.

rein'less *a.* (ריינ'-לעס) אהן לייצעס, אהן א צוים; אהן צוריקהאלט.

reinocula'tion *n.* (רי-אין-אק-יו-ליי'-שאן) דאס ווידער איינאימפפען [ווי שטעלען נאך אמאל פאקען א. ד. ג.]; דאס ווידער איינשפריצען אונטער דער הויט; דאס ווידער מרכיב זיין [אריינזעצען איין צווייג פון א בוים אין דעם אנדערען].

reins *n.* (ריינז) די ניערען; דאס ארט אדער די געגענד פון קערפער וואו די ניערען געפינען זיך; דאס געפיהל, דער געמיטס־צושטאנד, די געזינונג.

reinscribe' *v.* (רי-אין-סקראיב') ווידער איינשרייבען, נאך אמאל רעגיסטרירען.

reinsert' *v.* (רי-אין-סוירט') ווידער אריינשטעלען, ווידער אריינזעצען; ווידער אריינשיבען אדער אריינרוקען.

reinser'tion *n.* (רי-אין-סויר'-שאן) דאס ווידער אריינשטעלען, אריינשיעבען אדער אריינרוקען.

reins'man *n.* (ריינז'-מען) איינער וואס קען האלטען די לייצעס; אן אנטרייבער.

reins of a vault (ריינז אוו ע וואהלט) אין ארכיטעקטור — די ווענט אויף וועלכע עס שטיצט זיך א געוועלב אדער ארקע.

reinspect' *v.* (רי-אין-ספעקט') ווידער בעזיכטיגען, ווידער בעקוקען.

reinspec'tion *n.* (רי-אין-ספעק'-שאן) די ווידער־בעזיכטיגונג; דאס ווידער בעקוקען.

reinspire' *v.* (רי-אין-ספאיר') ווידער בעגייסטערען, פון דאס ניי בעלעבען.

reinstal' *v.* (רי-אין-סטאהל') ז. *reinstall*

reinstall' *v.* (רי-אין-סטאהל') ווידער איינזעצען אין אמט; ווידער עטאבלירען.

reinstall'ment *n.* (רי-אין-סטאהל'-מענט) ז. *reinstalment*

reinstal'ment *n.* (רי-אין-סטאהל'-מענט) די ווידער־איינזעצונג אין אמט; די ווידער־עטאבלירונג.

reinstate' *v.* (רי-אין-סטייט') ווידער ברייננען צום פריהערדיגען שטאנד אדער צושטאנד; ווידער אנשטעלען אויף דעם פריהערדיגען פלאץ; אין פייער־פערזיכערונג — אבקויפען אנדערע זאכען אויף דעם ארט פון די בעשעדיגטע, צורעכט מאכען דאס בעשעדיגטע אייגענטום אנשטאט צו בעצאהלען.

reinstate'ment *n.* (רי-אין-סטייט'-מענט) דאס ברייננען צוריק צו דעם פריהערדיגען שטאנד אדער צושטאנד; דאס אנשטעלען צוריק אויף דעם פריהערדיגען פלאץ; אין פייער־פערזיכערונג — דאס אבקויפען אנדערע זאכען אויף דעם ארט פון די בעשעדיגטע, דאס צורעכט מאכען דאס בעשעדיגטע אייגענטום אנשטאט צו בעצאהלען.

reinsta'tion *n.* (רי-אין-סטיי'-שאן) דאס ברייננען צוריק צו דעם פריהערדיגען שטאנד אדער צושטאנד; דאס אנשטעלען צוריק אויף דער פריהערדיגער שטעלע.

reinstruct' *v.* (רי-אין-סטראקט') ווידער בעלעהרען; געבען נייע אינסטרוקציאנען.

reinsur'ance *n.* (רי-אין-שוהר'-ענס) ווידער־פערזיכערונג, ווידער־אסעקורירונג; ריקפערזיכערונג אדער געגען־פערזיכערונג [ווען דער פערזיכערער פערזיכערט זיך אליין ביי אן אנדערען פאר דעם שא-

דען, וואס קען איהם אויסקומען צו צאהלען].

reinsure′ *v.* (רי-אין-שוהר′) ווידער פערזיכערען, ווידער אסעקורירען; ריק־פערזיכערען אדער געגען־פערזיכערען. ז. *reinsurance*.

reinsur′er *n.* (רי-אין-שוהר′-ער) איינער וואס פערזיכערט אדער אסעקורירט א צווייטען מאל.

rein′tegrate *v.* (רי-אינ′-טי-גרייט) ווידער צונויפנעהמען אין איין גאנצעס; ווידער פערפאלשטענדיגען; ווידער אומקעהרען צום געוועזענעם צושטאנד אדער צו דער פריהעריגער איינגענשאפט.

reintegra′tion *n.* (רי-אינ-טי-גריי′-שאן) דאס ווידער צונויפנעהמען אין איין גאנצעס; דאס מאכען גאנץ פון דאס ניי.

reinter′ *v.* (רי-אינ-טויר′) בעגראבען פון דאס ניי, ווידער בעגראבען.

reinter′rogate *v.* (רי-אינ-טער′-א-גייט) פון דאס ניי פרעגען, ווידער פרעגען.

reinthrone′ *v.* (רי-אינ-טהראון′) פון דאס ניי זעצען אויף′ן טהראן, נאך אמאל קרוינען.

reintroduce′ *v.* (רי-אינ-טרא-דיוס′) ווידער איינפיהרען, ווידער איינלייטען; ווידער פארשטעלען.

reintroduc′tion *n.* (רי-אינ-טרא-דאק′-שאן) דאס איינפיהרען אדער איינלייטען פון דאס ניי; דאס ווידער פארשטעלען.

reinun′date *v.* (רי-אינ-אנ′-דייט) ווידער איבערפלייצען.

rein up (ריין אפ) אבהאלטען מיט די לייצעס; אבשטעלען [א פערד].

reinvent′ *v.* (רי-אינ-ווענט′) פון דאס ניי ערפינדען, אונאבהענגיג עטוואס ערפינדען וואס איז שוין פריהער פון אן אנדערען ערפונדען געווארען.

reinvest′ *v.* (רי-אינ-וועסט′) פון דאס ניי אריינלעגען [געלד, קאפיטאל א. ד. ג.]; פון דאס ניי בעקליידען; ווידער בעקליידען מיט אן אמט.

reinves′tigate *v.* (רי-אינ-וועס′-טי-גייט) ווידער אונטערזוכען, פון דאס ניי אונטערזוכען.

reinvestiga′tion *n.* (רי-אינ-וועס-טי-גיי′-שאן) א נאכאמאליגע אונטערזוכונג.

reinvest′ment *n.* (רי-אינ-וועסט′-מענט) די ווידער־בעקליידונג; דאס ווידער אריינלעגען [געלד אדער קאפיטאל אין א געשעפט א. ד. ג.].

reinvig′orate *v.* (רי-אינ-וויג′-אר-אייט) ווידער קרעפטיגען, ווידער שטארקען, ווידער בעלעבען.

reinvigora′tion *n.* (רי-אינ-וויג-א-ריי′-שאן) א ווידער־פערשטארקונג, א ווידער־קרעפטיגונג.

reinvite′ *v.* (רי-אינ-וואיט′) ווידער איינלאדען, פון דאס ניי איינלאדען.

reinvolve′ *v.* (רי-אינ-וואלוו′) ווידער פערוויקלען, ווידער אריינשלעפען; פערפלאנטערען פון דאס ניי, ווידער מאכען קאמפליצירט.

reis *n.* (רייס) א קליינע פארטוגעזישע מטבע, וואס האט אונגעפעהר דעם ווערטה פון א צעהנטעל פון אמעריקאנישען סענט.

reis′suable *a.* (רי-איש′-או-עבל) וואס קען פון דאס ניי ארויסגעגעבען ווערען.

reis′sue *v. and n.* (רי-איש′-אוה) ווידער ארויסגעבען, ווידער ארויסלאזען; ווידער ארויסקומען, ווידער ארויסגעהן: א נייע אויסגאבע.

rei′ter *n.* (ראי′-טער) א קאוואלעריע־סאלדאט, א רייטער [אין אלט־דייטשלאנד].

reit′erate *v.* (רי-איט′-ע-רייט) ווידערהאלען נאך אמאל און נאך אמאל, איבער′חזר′ען.

reit′eratedly *adv.* (רי-איט′-ע-ריי-טעד-לי) ווידערהאלענדיג מעהרערע מאל, איבער′חזר′ענדיג.

reitera′tion *n.* (רי-איט-ע-ריי′-שאן) א מעהרמאליגע ווידערהאלונג; אין דרוקעריי — דער ווידער־דרוק [דאס דרוקען די אנדערע זייט פון א בויגען פאפיער].

reit′erative *n.* (רי-איט′-ע-ריי-טיוו) א ווארט וואס איז געבילדעט פון ווידערהאלטע זילבען אדער פון ווידערהאלטע ווערטער [ווי קלינג־קלאנג, פיף־פאף]; א צייטווארט [פעל] וואס דריקט אויס א ווידערהאלטע טהעטיגקייט.

reject′ *v.* (רי-דזשעקט′) צוריקווארפען, צוריקווייזען; ניט אננעהמען, אבזאגען.

rejec′table *a.* (רי-דזשעק′-טעבל) וואס איז צוריקצואווארפען, פערווערפליך; וואס קען צוריקגעוויזען ווערען.

rejectamen′ta *n.* (רי-דזשעק-טע-מענ′-טא) צוריקגעווארפענע אדער ארויסגעווארפענע זאכען; עקסקרעמענטען, אויסוואורף פון קערפער.

rejec′ted *a.* (רי-דזשעק′-טעד) צוריקגעווארפען.

rejec′ter *n.* (רי-דזשעק′-טער) א צוריקווארפער, א צוריקווייזער, אן אבזאגער.

rejec′tible *a.* (רי-דזשעק′-טיבל) ז. *rejectable*.

rejec′tion *n.* (רי-דזשעק′-שאן) די צוריקווארפונג, די צוריקווייזונג, די אבזאגונג.

rejec′tive *a.* (רי-דזשעק′-טיוו) צוריקווארפענד, צוריקווייזענד.

reject′ment *n.* (רי-דזשעקט′-מענט) אוועקגעווארפענעם מאטעריאל, דאס וואס ווערט ארויסגעווארפען.

rejec′tor *n.* (רי-דזשעק′-טאר) א צוריקווייזער, א צוריקווארפער.

rejoice′ *v.* (רי-דזשאיס′) זיך פרעהען, דערפרעהען.

rejoi′cer *n.* (רי-דזשאי′-סער) איינער וואס פרעהט זיך; איינער וואס דערפרעהט.

rejoi′cing *n. and a.* (רי-דזשאי′-סינג) פרייד, שמחה; זיך פרעהענד, דערפרעהענד.

rejoi′cingly *adv.* (רי-דזשאי′-סינג-לי) מיט פרייד, מיט שמחה.

rejoin′ *v.* (רי-דזשאין′) ווידער פעראייניגען; ווידער צושטעהן צו א קאמפאניע; ענטפערען, ערווידערען.

rejoin′der *n.* (רי-דזשאינ′-דער) אן ענטפער; א געגען־ענטפער; דער ענטפער פון פערקלאגטען געגען דער קלאגע.

rejoint′ *v.* (רי-דזשאינט′) ווידער פעראייניגען, פון דאס ניי פערבינדען אדער צונויפשליסען; פון דאס ניי אויספילען די פוגען [ווי אין די שטיינער פון אן אלטער געביידע וואו די וואפנע איז ארויסגעפאלען].

rejolt′ *v. and n.* (רי-דזשאולט′) ווידער שאקלען אדער שטויסען; א געגען־שטויס.

rejudge′ *v.* (רי-דזשאדזש′) ווידער משפט′ען, אויפנעהמען דעם משפט פון דאס ניי.

reju′venate *v.* (רי-דזשוה′-ווע-נייט) צוריק יונג מאכען; אבפרישען, בענייען.

rejuvena′tion *n.* (רי-דזשוה-ווע-ניי′-שאן) דאס מאכען צוריק יונג; אבפרישונג; בענייאונג.

reju′venator *n.* (רי-דזשוה′-ווע-ניי-טאר) איינער אדער עטוואס וואס מאכט יונג אדער פריש.

rejuvenesce′ *v.* (רי-דזשוה-ווע-נעס′) צוריק יונג ווערען.

rejuvenes′cence *n.* (רי-דזשוה-ווע-נעס′-ענס) דאס ווערען צוריק יונג.

rejuvenes′cency *n.* (רי-דזשוה-ווע-נעס′-ענ-סי) ז. *rejuvenescence*.

rejuvenes′cent *a.* (רי-דזשוה-ווע-נעס′-ענט) ווערענדיג צוריק יונג.

reju′venize *v.* (רי-דזשוה′-ווע-נאיז) ז. *rejuvenate*.

rekin′dle *v.* (רי-קינ′דל) ווידער אנצינדען, פון דאס ניי אנצינדען.

reking′ *v.* (רי-קינג′) ווידער מאכען פאר א קעניג.

relade′ *v.* (רי-לייד′) ווידער אנלאדען.

reland′ *v.* (רי-לענד′) ווידער לאנדען, ווידער קומען צו לאנד; ווידער אויסשטייגען אויף′ן ברעג.

relap′sable *a.* (רי-לעפ′-סעבל) וואס קען אדער איז גענייגט צוריקצופאלען אדער זיך צוריקצוקעהרען צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד.

relapse′ *v. and n.* (רי-לעפס′) צוריקפאלען, צוריק זיך אומקעהרען צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד אדער צו פריהריגע שלעכטע געוועהנהייטען; צוריק קראנק ווערען [נאך אן ערהאלונג]; ווידער זינדיג ווערען; א צוריקפאל, א צוריקקעהר צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד אדער געוועהנהייטען; א צוריקקעהר אדער ווידער־אברופונג פון צ קראנקהייט.

relap′ser *n.* (רי-לעפ′-סער) איינער וואס פאלט צוריק, וואס קעהרט זיך אום צו פריהריגע שלעכטע געוועהנהייטען אדער ווערט ווידער זינדיג.

relap′sing *a.* (רי-לעפ′-סינג) צוריקפאלענד, זיך צוריקקעהרענד צו א פריהריגען שלעכטען צושטאנד, צו שלעכטע געוועהנהייטען אדער צו זינד.

relate′ *v. and n.* (רי-לייט′) דערצעהלען, בעריכטען; זיך בעציהען, האבען בעצוג אויף, האבען שייכות מיט; מאכען פערוואנדט; ברייגגען אין בעציהונג, צושרייבען צו עפעס; עטוואס וואס האט א שייכות אדער געפינט זיך אין לאגישער בעציהונג צו עפעס.

rela′ted *a.* (רי-ליי′-טעד) דערצעהלט; פערוואנדט; וואס געפינט זיך אין וועלכער ניט איז שייכות אדער פערבינדונג.

rela′tedness *n.* (רי-ליי′-טעד-נעס) פערוואנדשאפט.

rela′ter *n.* (רי-ליי′-טער) א דערצעהלער, א בעריכט־אבגעבער; א היסטאריקער, א געשיכטע־שרייבער.

rela′tion *n.* (רי-ליי′-שאן) דערצעהלונג, בעריכט־אבגעבונג; אן ערצעהלונג; א בעריכט; א בעשרייבונג; בעציהונג, פערבינדונג, א שייכות; פערוואנדשאפט, קרובה′שאפט; א קרוב, א קרובה; אין מאטעמאטיק — א פערהעלטניס, א פראפארציאן; אין מוזיק — טאן־פערהעלטניס, טאן־הארמאניע; אין יוריספרודענץ — דאס בעטראכטען א פריהריגע פאסירונג פונקט ווי זי וואלט כלומר′שט פארגעקומען איצטער; אין פילאזאפיע — רעלאציאן [אן אייגענשאפט וואס קען צוגעגעבען ווערען א זאך, נור ווען זי שטעהט אין געגענזייטיגער בעציהונג מיט אן אנדער זאך; יעדע שייכות צווישען זאכען וואס קען פארגעשטעלט ווערען אין גענאנק אדער אויסגעדריקט ווערען אין אן אבסטראקטען ווארט, ווי פערוואנדשאפט, מוטערשאפט, גלייכהייט, פערשיעדענהייט א. ז. וו.].

rela′tional *a.* (רי-ליי′-שאנ-על) 1. פער־

וואנדשאפטליך; 2. וואס ציינט אז בעציהונג, שייכות אדער פערבינדונג [וועגען רעדע-טיילען].

2. Pronouns, prepositions and conjunctions are **relational** parts of speech.

relational'ity *n.* (רי-ליי-שאַנ-על'-אי-טי) פערוואנדשאפטליכקייט; בעציהונגספעהיגקייט, דאס האבען א פערהעלטניס.

rela'tionism *n.* (רי-ליי'-שאַנ-איזם) אין פילאזאפיע — רעלאציאניזם, די לעהרע, אז רעלאציאנען [שייכות'ען, בעציהונגען, אבסטראקטע אויסדריקע] עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט [אין געגענזאץ צו נאמינאליזם. ז. *nominalism*]; די לעהרע, אז דאס מענשליכע וויסען איז נור רעלאטיוו אמת.

rela'tionist *n.* (רי-ליי'-שאַנ-איסט) א רעלאציאניסט, אן אנהענגער פון רעלאציאניזם. ז. *relationism*.

rela'tionship *n.* (רי-ליי'-שאַנ-שיפ) פערוואנדשאפט, פערוואנדשאפטליכקייט; טאן-פערהעלטניס, טאן-הארמאניע.

rel'atival *a.* (רעל'-ע-טיוו-על) אין גראמאטיק—וואס איז שייך צו רעלאטיווע ווערטער אדער פארמען [וואס ציינען בעציהונג אדער שייכות].

rel'ative *a. and n.* (רעל'-ע-טיוו) וואס בעציהט זיך אויף עפעס, וואס האט א שייכות צו...; רעלאטיוו, ניט אבסאלוט, וואס עקזיסטירט ניט אן און פאר זיך, וואס העננט אב פון עפעס; וואס איז פערשטענדליך בלויז אין פערגלייך מיט עפעס אנדערש; וואס בעצייכענט א שייכות אדער רעלאציאן [ז. *relation*]; אין גראמאטיק — רעלאטיוו, וואס בעשטימט, ערקלערט, פערבינדט אדער ציינט א שייכות [וועגען ווערטער און פארמען, ווי למשל, דאס ווארט "וואו" אין דער פראזע: "ער איז געבליבען ליגען דארט, וואו ער איז אנידערגעפאלען"]; אין מוזיק — וואס האט א הארמאנישע פערבינדונג; עטוואס רעלאטיוועס, עטוואס וואס ווערט בעטראכט אין שייכות מיט אן אנדער זאך; א רעלאטיווער בעגריף; אין גראמאטיק — א רעלאטיוואום, א רעלאטיוו-ווארט; א קרוב.

rel'atively *adv.* (רעל'-ע-טיוו-לי) רעלאטיוו, אין פערגלייך אדער אין שייכות צו אן אנדער זאך, פערהעלטניסמעסיג, ניט אבסאלוט.

rel'ativeness *n.* (רעל'-ע-טיוו-נעס) רעלאטיוויטעט, דאס זיין רעלאטיוו אדער פערהעלטניסמעסיג. ז. *relative*.

rel'ative place (רעל'-ע-טיוו פליים) דער פלאץ פון איין געגענשטאנד אין בעצוג צו אנדערע געגענשטענדע.

rel'ative pleas'ure (רעל'-ע-טיוו פלעזש'-אור) פערהעלטניסמעסיגער פערגניגען [אן עמפפינדונג פון פערגניגען אין פערגלייך מיט א פריהריגער עמפפינדונג פון פערגניגען].

rel'ativism *n.* (רעל'-ע-טיוו-איזם) רעלאטיוויזם, די לעהרע, אז אלע ערקענטניס-וואהרהייטען זיינען רעלאטיוו, ד. ה. זיי זיינען וואהרהייטען בלויז אין בעצוג צו אונזער איינענער ערפאהרונג.

relativ'ity *n.* (רעל-ע-טיוו' אי-טי) רעלאטיוויטעט, דאס זיין רעלאטיוו [ז. *relative*]; דאס זיין אבהענגיג אין דער עקזיסטענץ פון עפעס אנדערש; אבהענגיגקייט פון געגענזייטיגער שייכות; דאס עקזיסטירען אלס רעאלער געגענשטאנד נור אין בעצוג צו אונזער ערפאהרונג אדער פערשטאנד.

rela'tor *n.* (רי-ליי'-טאָר) א דערציילער, א בעריכט-אבגעבער, א בעשרייבער; אין יוריספרודענץ — איינער צוליעב וועמעס פאדערונג אדער קלאגע די רעגיערונג פיהרט אן א געריכטס-פראצעס, כדי צו בעשטימען א געוויסע רעכטס-פראגע.

rela'trix *n.* (רי-ליי'-טריקס) אן אנקלאגערין. ז. *relator*.

relax' *v.* (רי-לעקס') 1. נאכלאזען, פערמינדערען [די שפאנונג אדער אנשטרענגונג]; 2. שוואכער מאכען, לויזער מאכען, מאכען ווענינער שטרענג; 3. בעפרייען פון אנשטרענגונג, פערלייכטערען; געבען ערהאלונג אדער רוה; צושטרייען; 4. אוועקנעהמען; 5. נאכגעבען; 6. מאכען לויזער, עפענען [דעם מאגען]; 7. בעפרייען, אויפגעבען, איבערגעבען; 8. ווערען נאכגעלאזען, לויזער, מילדער אדער שוואכער; 9. זיך ערהאלען, זיך אברוהען, זיך צושטרייען.

1. The visitor **relaxed** in an armchair. 2. The new tariff law **relaxed** some of the import regulations. 8. His knees **relax** from toil.

relax'able *a.* (רי-לעקס'-עבל) וואס קען געמאכט ווערען לויזער, שוואכער, ווענינער אנגעשטרענגט, ווענינער שטרענג אדער מילדער; וואס קען נאכגעלאזען אדער נאכגעגעבען ווערען.

relax'ant *n.* (רי-לעקס'-ענט) אן אבפיהרונגס-מיטעל, א מיטעל לויזער צו מאכען דעם מאגען.

relaxa'tion *n.* (רי-לעק-סיי'-שאַן) 1. נאכלאזונג, דאס מאכען אדער ווערען שוואכער, לויזער, ווענינער שטרענג אדער ווענינער אנגעשטרענגט; 2. ערהאלונג, אברוה, צושטרייאונג.

2. What some people deem hard work, others consider as **relaxation** and mere play.

relax'ative *a. and n.* (רי-לעקס'-ע-טיוו) ערהאלענד, צושטרייענד; לויז מאכענד; עטוואס וואס גיט ערהאלונג, אברוה אדער צושטרייאונג; אן אבפיהרונגס-מיטעל, א מיטעל לויז צו מאכען דעם מאגען.

relay' *n. and v.* (רי-ליי') עטוואס וואס ווערט געהאלטען אין זאפאס [אויף אבצופרישען דאס אלטע]; א פרישער זאפאס; א פרישער פערד-געשפאן; א פרישע מחנה יאגד-הינד; א פרישע קאמפאניע ארבייטער [וואס ארבייטען נאך דער רייה נאך]; א סטאנציע, וואו מען בייט פערד אדער יאגד-הינד; א הילפס-אפאראט, וואס ברייננט אין בעוועגונג א גרעסערען אפאראט; לעגען נאך אמאל, איבערלעגען.

relearn' *v.* (רי-לוירן') אויפס-ניי לערנען, איבערלערנען.

relea'sable *a.* (רי-ליע'-סעבל) וואס קען בעפרייט ווערען; וואס קען אויפגעגעבען אדער איבערגעגעבען ווערען [ווי למשל, א רעכט אויף אייגענטום]; וואס קען פערדונגען ווערען אויפס-ניי.

release' *v. and n.* (רי-ליעס') אבלאזען; בעפרייען [פון געפענגניס, פון פערפליכטונגען, פון א שטראף, פון צרות, ליידען א. ז. וו.]; אויפגעבען, זיך אבזאגען [פון א חוב, פון א רעכט א. ז. וו.]; אויסלעזען א משכון; פערדינגען אויפס-ניי; אבלאזונג, בעפרייאונג; אויפגעבונג פון א רעכט, דאס אבזאגען זיך פון א רעכט; דאס אבלאזען דאס אנגעצויגענע שטריקעל פון א בויגען.

releasee' *n.* (רי-לי-סיע') איינער וועמען עס ווערען געגעבען אייגענטומס-רעכטע.

release'ment *n.* (רי-ליעס'-מענט) אבלאזונג; בעפרייאונג [פון געפענגניס, פון א חוב, פון א פערפליכטונג, שטראף א. ז. וו.]; אויפגעבונג פון א רעכט אויף אייגענטום.

release' of dow'er (רי-ליעס' אוו דאו' ער) אויפגעבען דער אלמנה'ס געזעצליכע רעכטע אויף איהר טייל פון דעם פערשטארבענעם מאן'ס ירושה.

releas'er *n.* (רי-ליעס'-ער) א בעפרייער; איינער וואס בעפרייט פון געפענגניס, פון א פערפליכטונג, פון א חוב, פון א שטראף א. ז. וו.; איינער וואס זאגט זיך אב פון א רעכט אויף אייגענטום; איינער וואס פערדינגט אויפס-ניי.

release'-spring *n.* (רי-ליעס'-ספרינג) א פרוזשינע ביי א וואגען צו בעפרייען די רעדער פון דעם טארמאז [ברעמזע].

releas'or *n.* (רי-ליעס'-אָר) איינער וואס זאגט זיך אב פון א רעכט אויף אייגענטום, וואס בעפרייט פון א חוב אדער גיט איבער אן אייגענטומס-רעכט.

rel'egate *v.* (רעל'-אי גייט) אוועקשיקען, פערשיקען, בעזייטיגען, דערווייטערען, אבלעגען אויף א לאנגער צייט אדער פאר אן אונבעשטימטען צוועק; ארויסשיקען פון לאנד; איבערגעבען, בעשטימען.

relega'tion *n.* (רעל-אי-גיי'-שאַן) פערשיקונג, ארויסשיקונג.

relent' *v.* (רי-לענט') ווערען מילדער אדער ווייכער; געריהרט ווערען, בעקומען מיטלייד; נאכגעבען; מאכען ווייכער אדער מילדער; פאנאנדערלאזען [ווי אין א פליסיגקייט].

relent'ing *a.* (רי-לענט'-אינג) נאכגיעביג, ווייך, ווייכהערציג.

relent'less *a.* (רי-לענט'-לעס) אונ-ברחמנות'דיג, אונבארמהערציג, הארטהערציג, אונבעריהרט, ניט נאכגיביג.

relent'lessly *adv.* (רי-לענט'-לעס-לי) אויף אן אונבארמהערציגען אופן; אהן רחמנות, הארטהערציג.

relent'lessness *n.* (רי-לענט'-לעס-נעס) אונבארמהערציגקייט, אונ'ברחמנות'דיגקייט, הארטהערציגקייט.

relent'ment *n.* (רי-לענט'-מענט) מיטלייד, רחמנות; דאס מאכען אדער דאס זיין ווייך, נאכגיביג אדער ווייכהערציג.

relessee' *n.* (רי-לע-סיע') איינער וועמען מען טרעט אב אייגענטומס-רעכטע.

relessor' *n.* (רי-לעס-אהר') איינער וואס גיט איבער אן אייגענטומס-רעכט.

relet' *v.* (רי-לעט') ווידער פערדינגען.

rel'evance *n.* (רעל'-אי-וועגס) ז. *relevancy*.

rel'evancy *n.* (רעל'-אי-וועג-סי) צוזאמענהאנג, געהעריגקייט, צוגעפאסטקייט, פאסיגקייט; אין געזעצגעבונג — דאס זיין גענוג און וויכטיג צו אורטיילען וועגען א קלאגע.

rel'evant *a.* (רעל'-אי-וועגט) וואס דיענט א געוויסען צוועק; פאסיג, געהערענד; וויכטיג פאר א קלאגע; גענוגענד צו בעגרינדען א קלאגע.

rel'evantly *adv.* (רעל'-אי-וועגט-לי) צום ציעל; אין צוזאמענהאנג, צוגעפאסט.

reliabil'ity *n.* (רי-לאי-ע-ביל'-אי-טי) ז. *reliableness*.

reli'able *a.* (רי-לאי'-עבל) צופערלעסיג, אויף וואס אדער אויף וועלכען מען קען זיך פערלאזען.

reli'ableness *n.* (רי-לאי'-עבל-נעס) צופערלעסיגקייט.

reli'ably *adv.* (רי-לאי'-ע-בלי) אויף א צופערלעסיגען אופן, אזוי אז מען זאל זיך קענען פערלאזען.

reli'ance *n.* (רי-לאי'-ענס) פערטרויען; דאס פערלאזען זיך; עטוואס אויף וואס

מען קען זיך פערלאזען אדער אויף וואס מען קען זיך פערטרויען.

reli'ant *a.* (רי-לאי'-ענט) פערטרויענד, וואס האט צוטרויען, וואס פערלאזט זיך; וואס האט זעלבסט=צוטרויען.

rel'ic *n.* (רעל'-איק) די רעשטען, דאס איבערגעבליבענע [נאך דער פערניכטונג פון עפעס]; אן אנדענקונג, אן אנדענקונגס=צייכען; א רעליקווע, א זאך וואס ווערט געהאלטען אלס טהייערע אדער הייליגע אנדענקונג פון א טויטען.

rel'ic-mon'ger *n.* (רעל'-איק-מאנ'-גער) איינער וואס האנדעלט מיט אנדענקונגס=זאכען אדער אנטיקען; א ליידענשאפטליכער זאמלער פון אנדענקונגס=זאכען אדער אנטיקען.

rel'ics *n.* (רעל'-איקס) א טויטער קערפער; א טויטער קערפער אדער קערפערטיילען פון א קריסטליכען הייליגען.

rel'ict *n. and a.* (רעל'-איקט) אן אלמנה; אן אלמן; געבליבען לעבען, איבערגעבליבען [נאך אימעצענס טויט].

relic'ted *a.* (רי-ליק'-טעד) געבליבען טרוקען [ווי לאנד וואס איז פריהער געווען בעדעקט מיט וואסער].

relic'tion *n.* (רי-ליק'-שאן) דאס אבטרעטען פון וואסער פון א שטיק לאנד; דאס לאזען טרוקען לאנד, וואס איז פריהער געווען בעדעקט מיט וואסער; דאס לאנד, וואס איז געבליבען טרוקען נאכדעם ווי דאס וואסער פון ים, פון א טייך א. ז. וו. איז צוריקגעטראטען.

relief' *n.* (רי-ליעף') פערלייכטערונג, מילדערונג, לינדערונג; בעפרייאונג [פון א לאסט, וועהטאג א. ז. וו.]; הילפע, שטיצע, אונטערשטיצונג [פאר ארימע לייט]; בעפרייאונג פון א פאסטען אדער וואך; א בענייטע וואך [וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון דער פריהריגער]; רעליעף, בולט'קייט; א בולט'ע, רעליעפע פערציערונג; די הויך פון דער אנגעשאטענער ערד ביי א פעסטונגס=גראבען; וואס צייכענט זיך אויס אדער טיילט זיך אויס אין פערגלייך מיט עפעס אנדערש; א קאנטראסט; א קלאנג פון א יעגער=הארן, וואס זאגט אן וועגען דעם צוריקקעהר פון דעם יעגער; אין געזעצגעבונג — שאדענערזאץ, בעלוינונג, פערגיטיגונג [וואס ווערט בעשטימט פון געריכט].

relief'-ful *a.* (רי-ליעפ'-פול) פערלייכטערנד, מילדערנד, לינדערנד.

relief'less *a.* (רי-ליעפ'-לעס) אונגעשטיצט; הילפלאז.

relief'lessly *adv.* (רי-ליעפ'-לעס-לי) אהן הילף, אהן שטיצע.

relief'-map *n.* (רי-ליעפ'-מעפ) א רעליעף=קארטע, א בולט'ע לאנד=קארטע [וואו העכערע געגענדען ווערען פארגעשטעלט בולט].

relief' soci'ety (רי-ליעף' סא-סאי'-ע-טי) א הילפס=פעראיין, אן אונטערשטיצונגס=פעראיין.

relief'-valve *n.* (רי-ליעפ'-וועלוו) א זיכערהייטס=ווענטיל [א דעקעל אדער קלאפאן אין א דאמפף=מאשין וואס עפענט זיך אויטאמאטיש, ווען דער דאמפף=דרוק ווערט צו גרויס]; א ווענטיל אין א דאמפף=מאשין דורך וועלכען עס לויפט אב דאס וואסער וואס קומט ארויס פון דאמפף=קעסעל מיט'ן דאמפף אין דעם הייס=וואסער=בעהעלטער; אן אויטאמאטישער ווענטיל וואס לאזט אריין לופט אין א פאס, ווען די פליסיגקייט איז פון איהר ארויסגעצויגען געווארען.

relief'-work *n.* (רי-ליעפ'-הוואירק) קהל'שע ארבייט [ווי אויסלעגען וועגען, אויפשטעלען נייע געביידעס א. ז. וו.], וואס ווערט אונטערגענומען מיט'ן צוועק צו געבען ארבייט די נויטליידענדע און ארבייטסלאזע.

reli'er *n.* (רי-לאי'-ער) איינער וואס פערלאזט זיך [אויף איינעם אדער עפעס].

reliev'able *a.* (רי-ליעוו'-עבל) וואס קען פערלייכטערט ווערען; וואס קען בעפרייט ווערען [פון א לאסט, וועהטאג א. ז. וו.]; וואס קען געשטיצט אדער געהאלפען ווערען; וואס קען קריעגען געזעצליכען שוץ.

relieve' *v.* (רי-ליעוו') 1. בעפרייען [פון א לאסט, פון וועהטאג א. ז. וו.]; 2. פערלייכטערען; מילדערען; לינדערען; בריינגען הילף [צו א בעלאגערטען פלאץ], בעפרייען פון א בעלאגערונג, בעפרייען פון א וואך; העלפען, שטיצען; בעגיטיגען פאר א שאדען [דורך א געריכטליכער ענטשיידונג]; מאכען בולט, מאכען פראמינענט; 3. מאכען איינדרוקספולער אדער אינטערעסאנטער דורך פערשיעדענארטיגקייט אדער א קאנטראסט.

1. Hospitals help to **relieve** the sufferings of the poor. 2. The tact of the chairman **relieved** the strained atmosphere of the meeting.

relieve' one's mind (רי-ליעוו' הוואנז מאינד) זיך בערוהיגען.

reliev'er *n.* (רי-ליעוו'-ער) איינער אדער עטוואס וואס העלפט, שטיצט, פערלייכטערט אדער בעפרייט [פון א לאסט, וועהטאג, ליידען א. ז. וו.].

relieve' the watch (רי-ליעוו' טהי הוואטש) בעפרייען די וואך, בייטען די וואך.

relie'vo *n.* (רי-ליעי'-ווא) ז. *rilievo*

relight' *v.* (רי-לאיט') ווידער אנצינדען, אויפס=ניי בעלויכטען אדער ליכטיג מאכען; זיך ווידער אנצינדען, ווידער נעהמען לייכטען.

relig'ion *n.* (רי-לידזש'-אן) רעליגיאן; פרומקייט, גאטספארכטיגקייט; געוויסענהאפטיגקייט, פליכט=טרייהייט.

relig'ionary *a. and n.* (רי-לידזש'-אנ-איי-רי) רעליגיעז; א פאנאטיקער, א פרומאק.

relig'ioner *n.* (רי-לידזש'-אנ-ער) ז. *religionist*

relig'ionise *v.* (רי-לידזש'-אנ-איז) ז. *religionize*

relig'ionism *n.* (רי-לידזש'-אנ-איזם) דאס זיין בלויז אויסערליך רעליגיעז, דאס אבהיטען בלויז די פארמאלע זייט פון דער רעליגיאן; דאס זיין א פרומאק; כלומר'שדיגע פרומקייט.

relig'ionist *n.* (רי-לידזש'-אנ-איסט) א רעליגיעזער מענש; א פרומאק, א פאנאטיק.

relig'ionize *v.* (רי-לידזש'-אנ-איז) מאכען רעליגיעז; זיין רעליגיעז; שפיעלען א פרומע ראלע.

relig'ionless *a.* (רי-לידזש'-אנ-לעס) ניט רעליגיעז, אונגלויביג.

religios'ity *n.* (רי-לידזש-אי-אס'-אי-טי) רעליגיעזיטעט, דאס זיין רעליגיעז.

religio'so *adv.* (רי-לי-דזשי-או'-סאו) אין מוזיק — מיט רעליגיעזע געפיהלען.

relig'ious *a. and n.* (רי-לידזש'-אס) רעליגיעז, פרום, גאטספארכטיג; וואס בעלאנגט צו א מאנאכען=ארדען, וואס פיהרט א מאנאכען=לעבען; געוויסענהאפט, פליכט=טריי; שטרענג פינקטליך; א מאנאך, א מאנאשקע [א נאנע].

relig'ious house (רי-לידזש'-אס האוס) א קלויסטער, א מאנאסטיר; א בית=תפילה.

relig'ious lib'erty (רי-לידזש'-אס ליב'-ער-טי) רעליגיאנס=פרייהייט, געוויסענס=פרייהייט, די פרייהייט צו בעלאנגען צו וועלכער עס איז רעליגיאן.

relig'iously *adv.* (רי-לידזש'-אס-לי) רעליגיעז, מיט פרומקייט, מיט גאטספארכטיגקייט; פליכט=טריי, געוויסענהאפט, שטרענג פינקטליך.

relig'iousness *n.* (רי-לידזש'-אס-נעס) רעליגיעזקייט, פרומקייט, גאטספארכטיגקייט; פליכט=טרייהייט, געוויסענהאפטיגקייט, שטרענגע פינקטליכקייט; דאס בעלאנגען צו א מאנאכען=ארדען, דאס פיהרען א מאנאסטיר=לעבען.

relin'quent *a. and n.* (רי-לינ'-קהווענט) וואס גיט אויף, זאגט זיך אב פון עפעס אדער פערלאזט; איינער וואס גיט אויף, זאגט זיך אב פון עפעס אדער פערלאזט.

relin'quish *v.* (רי-לינ'-קהוויש) פערלאזען, אויפגעבען, זיך אבזאגען.

relin'quisher *n.* (רי-לינ'-קהוויש-ער) איינער וואס פערלאזט, זאגט זיך אב אדער גיט אויף.

relin'quishment *n.* (רי-לינ'-קהוויש-מענט) פערלאזונג; אויפגעבונג.

rel'iqua *n.* (רעל'-אי-קהווא) אין יוריספרודענץ — דער איבערגעבליבענער חוב [נאך אן אברעכנונג].

rel'iquary *n.* (רעל'-אי-קהווע-רי) אן אנטיקען=קאסטען [א קאסטען צו בעהאלטען אנטיקען אדער הייליגע אנדענקונגס=זאכען]; איינער, אויף וועמען עס בלייבט שטעהן א חוב נאך אן אברעכנונג; איינער וואס צאהלט אוים א חוב ביסלעכווייז.

relique' *n.* (רי-ליק') ז. *relic*

reliq'uian *a.* (רי-ליק'-הווי-ען) וואס איז א רעליקווע [א הייליגער אנדענקונגס=צייכען]; וואס איז שייך צו רעליקווען.

reliq'uidate *v.* (רי-ליק'-הווי-דייט) ווידער ליקווידירען [אויסגלייכען, אבצאהלען אדער בעשטימען חובות].

reliquida'tion *n.* (רי-ליק-הווי-דיי'-שאן) ווידער=ליקווידירונג [אבצאהלונג, אויסגלייכונג אדער בעשטימונג פון חובות].

rel'ish *v. and n.* (רעל'-איש) הנאה האבען; ליעב האבען; האבען נייגונג, אפעטיט אדער חשק צו עפעס; האבען פערגניגען פון עפעס; מאכען געשמאק; זיין געשמאק; ארויסרופען אן אנגענעהמען געפיהל; גוט שמעקען; א געשמאק; אן אנגענעהמער געשמאק; אנגענעהמליכקייט, רייץ, רייצבארקייט, געשמאקהייט; נייגונג, פארליעבע, אפעטיט, חשק; א טראפעלע, א ביסעלע; עטוואס וואס גיט צו געשמאק [ווי געווירצען, למשל]; א געריכט וואס דערוועקט אפעטיט.

rel'ishable *a.* (רעל'-איש-עבל) געשמאק; וואס האט אן אנגענעהמען טעם.

rel'ishing *a.* (רעל'-איש-אינג) וואס מאכט געשמאק.

relis'ten *v.* (רי-ליס'ן) ווידער זיך צוהערען, אויפס=ניי הארכען.

relive' *v.* (רי-ליוו') ווידער לעבען, פון דאס ניי אויפלעבען; נאך אמאל דורכלעבען.

reload' *v.* (רי-לאוד') ווידער אנלאדען [א ביקס]; ווידער בעלאדען [מיט משא].

reloan' *v.* (רי-לאון') ווידער לייהען.

relo'cate *v.* (רי-לאו'-קייט) צוריקברייגגען אויף אן ארט; ווידער בעזעצען.

reloca'tion *n.* (רי-לא-קיי'-שאן) דאס בריינגען צוריק אויף אן ארט; דאס בעזעצען אויף א נייעם ארט; אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — דאס וויעדער פערפאכטען, פערדינגען אדער אבגעבען אין ארענדע.

relodge' *v.* (רי-לאדזש') וויעדער איינקווארטירען.

relu'cent *a.* (רי-ליו'-סענט) שטראהלענד, שיינענד.

reluct' *v.* (רי-לאקט') ווידערשטרעבען, זיך שטעלען אנטקעגען, געבען א ווידערשטאנד.

reluc'tance *n.* (רי-לאק'-טענס) א ווידערשטרעבען, א ווידערווילען, א ווידערשטאנד.

reluc'tancy *n.* (רי-לאק'-טענ-סי) ז. *reluctance*.

reluc'tant *a.* (רי-לאק'-טענט) אונוויליג, ווידערוויליג, ווידערשטרעבענד.

reluc'tantly *adv.* (רי-לאק'-טענט-לי) מיט ווידערווילען, מיט ווידערשטרעבונג; אונוויליג.

relume' *v.* (רי-ליום') וויעדער אנצינדען, וויעדער בעלייכטען.

relu'mine *v.* (רי-ליו'-מין) פון דאס ניי בעלייכטען; וויעדער אנצינדען.

rely' *v.* (רי-לאי') זיך פערלאזען אויף...; זיך שטיצען אויף...; זיך פערטרויען אויף...

Don't **rely** on his promises. He will not keep them.

remain' *v. and n.* (רי-מיין') בלייבען; צוריקבלייבען, נאכבלייבען, איבערבלייבען; עטוואס וואס בלייבט נאך, עטוואס וואס איז צוריקגעבליבען.

remain'der *n.* (רי-מיינ'-דער) דער רעשט; דאס איבערגעבליבענע; אין מאטעמאטיק — די דיפערענץ, דער איבעררעשט [דאס וואס בלייבט איבער אראבנעהמענדיג איין צאהל פון דער אנדערער, ווי אין חסור, אדער ביים טיילען איין צאהל אויף דער אנדערער, ווי אין חלוק]; א צוקינפטיגער בעזיץ, בעזאנדערס פון לאנד, וואס געהט ערשט דאן אריין אין קראפט, ווען עס ענדיגט זיך דער בעזיץ-אנשפרוך פון אן אנדערען [צ. ב. ווען מען שרייבט אב לאנד אדער א הויז אויף אזא אופן, דאס פאר לעבענס לאנג זאל עס געהערען צו ראובן'ען און אז ראובן וועט שטארבען זאל עס געהערען צו שמעון'ען]; איבערגעבליבענע ביכער פון אן אויפלאגע פון אן אויספערקויף אין א בוך-האנדלונג, וועלכע ווערען פערקויפט מיט רעדוצירטע פרייזען.

remain'der-man *n.* (רי-מיינ'-דער-מען) א פערזאן וואס האט דאס רעכט אויף אן אייגענטומס-בעזיץ נאכדעם ווי דער בעזיץ-אנשפרוך פון אן אנדערען אויף דיעזען בעזיץ האט זיך געענדיגט. ז. *remainder*.

remain' on hand (רי-מיין' אן הענד) בלייבען אונפערקויפט [וועגען סחורות].

remains' *n.* (רי-מיינז') רעשטען פון א געשטארבענעם; א טויטער קערפער; די ניט-געדרוקטע ווערק פון א פערשטארבענעם שרייבער; געבליבענע זאכען.

remake' *v.* (רי-מייק') איבערמאכען, מאכען פון דאס ניי.

remand' *v. and n.* (רי-מענד') צוריקשיקען; צוריקפאדערען; צוריקבריינגען; דאס צוריקשיקען; דאס צוריקרופען.

remand'ment *n.* (רי-מענד'-מענט) דאס צוריקשיקען; דאס צוריקרופען.

rem'anence *n.* (רעמ'-ע-נענס) דאס פערבלייבען, דאס צוריקבלייבען, די פארטדויער, די פערמאנענץ.

rem'anent *a.* (רעמ'-ע-נענט) וואס בלייבט; וואס בלייבט איבער.

rem'anet *n.* (רעמ'-ע-נעט) אן אבגעלעגטער פראצעס [משפט].

remanure' *v.* (רי-מע-ניור') פון דאס ניי בעמיסטיגען.

remark' *n. and v.* (רי-מארק') א בעמערקונג, אן אנמערקונג; א נאטיץ; א צייכען; בעמערקען, דערזעהן; מאכען א בעמערקונג, בעמערקען [אויסדריקען א מיינונג]; פון דאס ניי בעצייכענען.

remark'able *a.* (רי-מארק'-עבל) מערקווירדיג; בעמערקענסווערטה; אויסגעצייכענט, אונגעוועהנליך, אויסערארדענטליך.

The war was the most **remarkable** conflict of our times.

remark'ableness *n.* (רי-מארק'-עבל-נעס) די מערקווירדיגקייט.

remark'ably *adv.* (רי-מארק'-ע-בלי) אויף א מערקווירדיגען אופן; אויסגעצייכענט, אונגעוועהנליך; גאנץ בעזונדערס.

He has a **remarkably** strong constitution.

remarked' *a.* (רי-מארקט') מערקווירדיג, אויסגעצייכענט.

remark'er *n.* (רי-מארק'-ער) אן אנמערקער; איינער וואס מאכט בעמערקונגען; א קריטיקער, א בעאבאכטער.

remar'riage *n.* (רי-מער'-אידזש) א צווייטע הייראט; דאס חתונה האבען נאך אמאל.

remar'ry *v.* (רי-מער'-אי) וויעדער הייראטען, חתונה האבען נאך אמאל.

remas'ticate *v.* (רי-מעס'-טי-קייט) איבערקייען, נאך אמאל קייען, מעלה גרה זיין.

remastica'tion *n.* (רי-מעס-טי-קיי'-שאן) דאס איבערקייען, דאס קייען נאך אמאל, דאס מעלה גרה זיין.

Rembrandtesque' *a.* (רעמ-ברענ-טעסק') וואס איז עהנליך צום סטיל פון האלענדישען מאלער רעמבראנדט [געשט. 1669].

Rem'brandtish *a.* (רעמ'-ברענט-איש) ז. *Rembrandtesque*.

remeas'ure *v.* (רי-מעזש'-אור) איבערמעסטען, נאך אמאל מעסטען.

reme'diable *a.* (רי-מי'-די-עבל) וואס קען געהאלפען אדער געהיילט ווערען; צו וואס עס איז פאראן א רפואה אדער א מיטעל.

reme'diableness *n.* (רי-מי'-די-עבל-נעס) היילבארקייט; דאס קענען געהיילט אדער געהאלפען ווערען.

reme'diably *adv.* (רי-מי'-די-ע-בלי) אין א צושטאנד וואס מען קען נאך העלפען אדער געפינען א תרופה.

reme'dial *a.* (רי-מי'-די-על) היילענד, העלפענד; וואס איז א תרופה, וואס העלפט.

reme'dially *adv.* (רי-מי'-די-על-אי) אלס רפואה, אלס תרופה, אלס א העלפענדעס מיטעל.

rem'ediless *a.* (רעמ'-ע-די-לעס) אונהיילבאר, ניט צום העלפען; ניט אויסצומיידען; אהן א תרופה; וואס קען מעהר ניט צורעכט געמאכט ווערען.

rem'edilessly *adv.* (רעמ'-ע-די-לעס-לי) ניט צום העלפען, אהן א תרופה; אין אן אונהיילבארען צושטאנד; אין א צושטאנד וואס קיין תרופה קען ניט העלפען.

rem'edilessness *n.* (רעמ'-ע-די-לעס-נעס) אונהיילבארקייט, דאס זיין ניט מעהר צו העלפען.

rem'edy *n. and v.* (רעמ'-ע-די) א תרופה; א מעדיצין, א רפואה; א מיטעל; א הילפס-מיטעל; די ערלויבטע פערמינדערונג פון דעם געוויכט פון מטבעות ביים פרעגען זיי, כדי זיי זאלען ארויסקומען שעהנער; קורירען, היילען; העלפען; פעררעכטען, אויסבעסערען; אבשאפען א פעהלער אדער אן איבעל.

remeet' *v.* (רי-מיעט') וויעדער בעגעגנען, וויעדער טרעפען.

remelt' *v.* (רי-מעלט') איבערשמעלצען, שמעלצען נאך אמאל.

remem'ber *v.* (רי-מעמ'-בער) 1. געדענקען; דערמאהנען, ערינערען; ערינערען זיך, דערמאהנען זיך; 2. דערמאהנען צו גוטען, איבערגעבען א גרוס; 3. דערמאהנען מיט א מתנה, געבען א געשענק.

2. **Remember** me to your brother. 3. He **remembers** his friends with gifts.

remem'berable *a.* (רי-מעמ'-בער-עבל) וואס לאזט זיך געדענקען; וואס איז ווערטה צו געדענקען אדער ערינערען.

remem'berably *adv.* (רי-מעמ'-בער-ע-בלי) אויף אן אופן, אז מען זאל קענען געדענקען; ווערטה צו געדענקען.

remem'berer *n.* (רי-מעמ'-בער-ער) איינער וואס געדענקט אדער ערינערט זיך.

remem'brance *n.* (רי-מעמ'-ברענס) דאס געדענקען; דאס געדעכניס, דער זכרון; די ערינערונגס-פעהיגקייט, דער כח הזכרון; אן ערינערונג; אן אנדענקען; עפעס וואס ערינערט אדער דערמאהנט [א מצבה, מאנומענט, א נאטיץ, א מעמאראנדום א. ד. ג.]; א גרוס.

remem'brance book (רי-מעמ'-ברענס בוק) א נאטיץ-ביכעל.

remem'brancer *n.* (רי-מעמ'-ברענ-סער) א דערמאהנער, אן ערינערער; אן אנדענקען; א סעקרעטער; דער שאצקאמער-סעקרעטער אין ענגלאנד.

remem'orative *a.* (רי-מעמ'-א-ריי-טיוו) וואס דערמאהנט, וואס ערינערט.

remerge' *v.* (רי-מוירדזש') וויעדער זיך אונטערטוקען, וויעדער פערזינקען; וויעדער פערגעהן.

re'mex *n.* (רי'-מעקס) איינער פון די פליה-פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל [איינער פון די גרויסע שטייפע פעדערען].

rem'iform *a.* (רעמ'-אי-פארם) רודערפערמיג, וואס האט די פארם פון א שיף-רודער.

rem'igable *a.* (רעמ'-אי-געבל) מיט וואס מען קען רודערען, וואס עס פאסט צום שיפען א רודער-שיפעל.

rem'iges *n.* (רעמ'-אי-דזשיז) די פליה-פעדערען פון א פויגעל'ס פליגלען [די גרויסע שטייפע פעדערען]. ז. *remex*.

remig'ial *a.* (רי-מידזש'-אי-על) וואס איז שייך צו די פליה-פעדערען אין די פליגלען פון א פויגעל. ז. *remex*.

rem'igrate *v.* (רעמ'-אי-גרייט) צוריקוואנדערען, צוריקפאהרען, צוריקקעהרען זיך.

remigra'tion *n.* (רעמ-אי-גריי'-שאן) די צוריקוואנדערונג; דאס צוריקפאהרען, דאס צוריקקעהרען זיך.

remind' *v.* (רי-מאינד') ערינערען, דערמאהנען.

remin'der *n.* (רי-מאינ'-דער) א דערמאהנער, אן ערינערער; עטוואס וואס דערמאהנט.

remind'ful *a.* (רי-מאינד'-פול) וואס דערמאהנט, וואס ערינערט; וואס געדענקט.

reminis'cence *n.* (רעמ-אי-נים'-ענס) דאס ערינערען; די ערינערונגס-פעהיגקייט;

אז ערינערינג; א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן, וואס בעהאנדעלט אויף א נייעם אופן אן אלטע טהעמא.

reminis′cent *a. and n.* (רעמ-אי-ניס′-ענט) וואס דערמאהנט, וואס ערינערט זיך ערינערענד; אן ערינערער, א דערמאהנער.

reminiscen′tial *a.* (רעמ-אי-ני-סענ′-שעל) וואס איז שייך צו ערינערונגען, וואס קומט פון ערינערונגען.

reminiscen′tially *adv.* (רעמ-אי-ני-סענ′-שעל-אי) דורך ערינערונג, דורך דערמאהנען זיך.

rem′iped *a. and n.* (רעמ′-אי-פעד) וואס האט רודער-פערמיגע פיס; א חיה מיט רודער-פערמיגע פיס.

remise′ *v. and n.* (רי-מאיז′) צוריקגעבען; אויפגעבען [א פאדערונג אדער א רעכט], אבזאגען זיך פון א פרעטענזיע; איבערטראגען [א רעכט]; דאס אויפגעבען [א פאדערונג אדער א רעכט]; אזא קארעטקע.

remiss′ *a.* (רי-מיס′) אבגעלאזען; פויל; לאנגזאם; נאכלעסיג; אהן ענערגיע.
He is very **remiss** in his duties.

remissibil′ity *n.* (רי-מיס-אי-ביל′-אי-טי) די פערצייהליכקייט [פון זינד], די מעגליכקייט פון פערצייהונג.

remis′sible *a.* (רי-מיס′-איבל) וואס קען פערצייהט ווערען, וואס קען פערגעבען ווערען.

remis′sion *n.* (רי-מיש′-אן) מחילה, פערגעבונג, פערצייהונג [פון זינד]; דאס שענקען [א חוב, א שטראף, אן ארויפגעלעגטען שטייער א. ד. ג.]; דאס נאכלאזען, דאס שוואכער ווערען [פון א שמערץ, א קראנקהייט א. ד. ג.]; א פערמינדערונג, א מילדערונג; דאס אריבערשיקען ערגעץ-וואו געלד.

remis′sive *a.* (רי-מיס′-איוו) וואס לאזט נאך, וואס ווערט שוואכער; וואס פערצייהט, וואס איז מוחל.

remiss′ly *adv.* (רי-מיס′-לי) אויף א נאכלעסיגען אופן; מיט אבגעלאזענקייט; אהן ענערגיע.

remiss′ness *n.* (רי-מיס′-נעס) פויל-קייט, נאכלעסיגקייט, אבגעלאזענקייט.

remis′sory *a.* (רי-מיס′-א-רי) וואס איז שייך צו מחילה; וואס דיענט צו פערגעבונג.

remit′ *v. and n.* (רי-מיט′) אבשוואכען, פערמינדערען, פערקלענערען; נאכלאזען, שוואכער ווערען, פערמינדערט ווערען; פערצייהען, פערגעבען; שענקען אדער נאכלאזען [א חוב, א שטראף א. ד. ג.]; אבזאגען זיך, אויפגעבען; אבלאזען אויף א ווייל [וועגען פיבער]; אבלעגען אויף א געוויסער צייט; איבערטראגען אדער ברייגנען צוריק אין דעם פריהריגען ארט אדער צושטאנד; אריבערטראגען א פראצעס פון איין געריכט אין אן אנדערען; איבערשיקען געלד; דאס צוריקשיקען א פראצעס פון איין געריכט צו אן אנדערען; א פארמעלע צושריפט פון א העכערען געריכטס-טריבונאל צו א נידריגערען.

remit′ment *n.* (רי-מיט′-מענט) פערצייהונג, פערגעבונג.

remit′table *a.* (רי-מיט′-עבל) ז. *remissible*

remit′tal *n.* (רי-מיט′-על) דאס אויפגעבען, דאס אבזאגען זיך; דאס איבערשיקען [געלד, וועקסלען א. ד. ג.].

remit′tance *n.* (רי-מיט′-ענס) דאס איבערשיקען געלד, וועקסלען א. ד. ג.; א געלד-סומע אדער א וועקסעל, וואס איז איבערגעשיקט געווארען צו בעצאהלען א חוב.

remit′tancer *n.* (רי-מיט′-ענ-סער) איינער וואס שיקט איבער געלד אדער א וועקסעל צו בעצאהלען א חוב.

remittee′ *n.* (רי-מיט-אי′) א פערזאן צו וועמען מען שיקט געלד אדער וועקסלען.

remit′tent *a. and n.* (רי-מיט′-ענט) וואס לאזט אב אויף א ווייל און קעהרט זיך ווידער צוריק [וועגען פיבער אדער אנדערע קראנקהייטען]; א פיבער, וואס לאזט נאך אויף א ווייל און קומט ווידער צוריק; קדחת.

remit′ter *n.* (רי-מיט′-ער) א געלד-שיקער; איינער וואס שיקט איבער געלד אדער וועקסלען צו דעקען חובות; א פערצייהער, א פערגעבער; דאס צוריקקעהרען צו איינעם א טיטול אדער א רעכט וואס ער האט פריהער געהאט.

remit′ to cus′tody (רי-מיט′-טו קאס′-טא-די) ווידער ארייןזעצען אין געפענגניס.

remit′tor *n.* (רי-מיט′-אר) דאס צוריק אומקעהרען צו איינעם א טיטול אדער רעכט וואס ער האט פריהער געהאט.

remix′ *v.* (רי-מיקס′) איבערמישען, מישען נאך אמאל.

rem′nant *n.* (רעמ′-נענט) דאס וואס בלייבט, דאס געבליבענע; דער רעשט; א רעשטעל [פון טוך אדער צייג].
This dress is made of **remnants**.

remod′el *v.* (רי-מאד′-על) איבערמאכען, איבערגיסען אין א נייער פארם; איבערבויען; איבערארבייטען [נאך א נייעם פלאן].

remodifica′tion *n.* (רי-מאד-אי-פי-קיי′-שאן) א נייע מאדיפיקאציאן, א נייע ענדערונג, די אומענדערונג פון עפעס.

remod′ify *v.* (רי-מאד′-אי-פאי) נאך אמאל ענדערען, איבערבויען, איבערפארמירען.

remold′ *v.* (רי-מאולד′) איבערגיסען אין א נייער פארם, איבערמאכען; צוגעבען א נייע געשטאלט.

remol′lient *a.* (רי-מאל′-אי-ענט) וואס מאכט ווידער ווייך.

remol′ten *a.* (רי-מאול′טן) ווידער איבערגעשמאלצען.

remonetiza′tion *n.* (רי-מאנ-ע-טי-זיי′-שאן) דאס ווידער איינפיהרען אלס געזעצליכעס געלד.

remon′etize *v.* (רי-מאנ′-ע-טאיז) ווידער איינפיהרען אלס געזעצליכעס געלד.

remon′strance *n.* (רי-מאנ′-סטרענס) דאס טענה′ן אדער ארגומענטירען געגען עפעס; דאס מוסר′ען, דאס אויסשטראפען איינעם; דאס ווארנען; א דורכזיכטיגע כלי צו האלטען פערהייליגטע זאכען אין א קאטוילישער קירך.

remon′strant *a. and n.* (רי-מאנ′-סטרענט) וואס האט ליעב צו מוסר′ען, וואס מוסר′ט אדער טענה′ט שטארק געגען עפעס; א מוסר-זאגער, איינער וואס שטראפט יענעם.

remon′strantly *adv.* (רי-מאנ′-סטרענט-לי) שארף ארויסטרעטענדיג מיט טענות געגען עפעס; מוסר′ענדיג; דורך שטראף-רייד.

remon′strate *v.* (רי-מאנ′-סטרייט) 1. ווארנען; מוסר′ען, אויסשטראפען; 2. ארגומענטירען, טענ′ען געגען עפעס; פראטעסטירען; בעווייזען; 3. נאך אמאל צייגען.
2. The meeting was called to **remonstrate** against the action of the Mayor.

remonstra′tion *n.* (רי-מאנ-סטריי′-שאן) דאס שטראפען, דאס אויסרעדען; דאס ערווידערען, דאס טענה′ען געגען.

remon′strative *a.* (רי-מאנ′-סטרע-טיוו) וואס האט ליעב צו מוסר′ען, וואס מוסר′ט אדער טענה′ט שטארק געגען עפעס.

remon′stratively *adv.* (רי-מאנ′-סטרע-טיוו-לי) ז. *remonstrantly*

remon′strator *n.* (רי-מאנ′-סטריי-טאר) איינער וואס טענה′ט געגען; א מוסר-זאגער; א ווארנער.

rem′ora *n.* (רעמ′-א-רא) — אין מעדיציין — א פערהאלטונג [פון בלוט א. ד. ג.]; דער שיפסהאלטער אדער דער שילד-פיש [א מין פיש, וואס האט אויף′ן קאפ אן אנוואקסונג, מיט וועלכער ער קלעפט זיך צו צו א שיף, צו אן אנדער פיש א. ד. ג.].



Remora

remorse′ *n.* (רי-מאהרס′) חרטה, געוויסענסביסע.

remorse′ful *a.* (רי-מאהרס′-פול) פול געוויסענסביסע, וואס האט געוויסענסביסע.

remorse′fully *adv.* (רי-מאהרס′-פול-אי) מיט חרטה; דורך געוויסענסביסע.

remorse′fulness *n.* (רי-מאהרס′-פול-נעס) דאס האבען חרטה אדער געוויסענסביסע.

remorse′less *a.* (רי-מאהרס′-לעס) אונ′רחמנות′דיג, אכזריות′דיג; גרויזאם.

remorse′lessly *adv.* (רי-מאהרס′-לעס-לי) אונ′רחמנות′דיג; אויף א גרויזאמען שטייגער.

remorse′lessness *n.* (רי-מאהרס′-לעס-נעס) אונ′רחמנות′דיגקייט, אונבארמהערציגקייט, גרויזאמקייט.

remote′ *a.* (רי-מאוט′) 1. ווייט, ענטפערנט, דערווייטערט; 2. פערווארפען, אבגעזונדערט; 3. וואס שטעהט אב ווייט [אין צייט, אין פערוואנדשאפט א. ז. וו.].
1. His election is a **remote** possibility. 2. Our house is situated in a **remote** part of the village. 3. He is only a **remote** relative of mine.

remote′ antiq′uity (רי-מאוט′ ענ-טיק′-הווי-טי) דאס גרויע אלטערטום.

remote′ fu′ture (רי-מאוט′ פיו′-טשור) די ווייטע צוקונפט.

remote′ kins′man (רי-מאוט′ קינז′-מען) א ווייטער קרוב.

remote′ly *adv.* (רי-מאוט′-לי) אויף א דערווייטערטען שטייגער.

remote′ness *n.* (רי-מאוט′-נעס) די ווייטקייט [פון צייט, ארט, קרובה′שאפט א. ז. וו.].

remo′tion *n.* (רי-מאו′-שאן) דאס דערווייטערען, דאס זיין דערווייטערט.

remould′ *v.* (רי-מאולד′) ז. *remold*

remount′ *v. and n.* (רי-מאונט′) ווידער זעצען זיך אויף′ן פערד; זיך ווידער אויפהויבען אדער שטייגען; צוריקקעהרען זיך; ווידער מאנטירען אדער צוזאמענשטעלען [א מאשין]; אין מיליטער — די רעמאנטע, דאס צושטעלען נייע פערד אין קאוואלעריע.

removabil′ity *n.* (רי-מוה-ווע-ביל′-אי-טי) דאס קענען אריבערגעפיהרט ווע-

רען, בעזייטיגט ווערען, אבגעשאפט ווערען אדער אראבגעזעצט ווערען פון אמט.

remo'vable *a.* (רי-מוה'-וועבל) וואס מען קען אריבערפיהרען פון איין פּלאץ צו א צווייטען, פון איין אמט אדער ראנג צו אן אנדערען; וואס מען קען בעזייטיגען, אבשאפען אדער אראבזעצען פון אמט.

remo'vably *adv.* (רי-מוה'-וועב-לי) אזוי, דאס מען קען עס אריבערפיהרען.

remo'val *n.* (רי-מוה'-וועל) 1. דאס אריבערקלייבען זיך, דאס איבערציהען [פון א וואהנונג]; 2. דאס צונעהמען פון פּלאץ; 3. דאס אבשאפען; 4. דאס אראבווארפען פון אמט.

1. Notice of my friend's **removal** to Boston reached me the other day. 4. Civil Service employees are protected against **removal** from office for political reasons.

remove' *v. and n.* (רי-מוהוו') 1. ריהרען פון ארט, איבערפיהרען, איבערטראגען; 2. אראבווארפען פון אמט אדער פאסטען; 3. מאכען א סוף, פערטרייבען; 4. פטר'ן, צונעהמען פון דער וועלט; איבערקלייבען זיך, איבערציהען [אין אן אנדער דירה]; דאס איבערקלייבען זיך, דאס ציהען [אין א נייער דירה], דאס אוועקפאהרען; דאס איבערפיהרען אין אן אנדער אמט; דאס אריבערפיהרען אין א העכערען קלאס [אין שול]; דאס איבערטראגען, דאס אריבערפיהרען.

1. Please **remove** the chairs from this room. 2. The Police Commissioner was **removed** by the Mayor. 3. The dictator **removed** his opponents by devious methods.

removed' *a.* (רי-מוהווד') דערווייטערט; אבגעטיילט.

remo'vedness *n.* (רי-מוה'-וועד-נעס) דאס זיין דערווייטערט; דאס זיין אבגעזונדערט.

remove' one's eyes (רי-מוהוו' הוואנז איז) אבקעהרען, אבווענדען דעם בליק פון עפּעס.

remo'ver *n.* (רי-מוה'-ווער) איינער וואס פיהרט איבער פון איין פּלאץ צו אן אנדערען; איינער וואס מאכט א סוף, צושטערט; איינער וואס ווארפט אראב [פון אמט]; איינער וואס פיהרט אריבער אין אן אנדער וואהנונג; אין געריכטס־פיהרונג — דאס ארויסנעהמען א פּראצעס פון איין געריכט און איבערגעבען איהם צו אן אנדערען.

remplissage' *n.* (ראנ-פלי-סאזש') דאס וואס דיענט אנצופילען א ליידיגען פּלאץ [ווי אן ארטיקעל וואס דרוקט זיך אין א צייטונג, ווייל עס איז ניטא קיין וויכטיגערע זאך צום דרוקען].

remunerabil'ity *n.* (רי-מיו-נע-רע-ביל'-אי-טי) דאס קענען בעלוינט ווערען.

remu'nerable *a.* (רי-מיו'-נע-רעבל) וואס קען בעלוינט ווערען; וואס איז ווערטה בעלוינט צו ווערען.

remu'nerate *v.* (רי-מיו'-נע-רייט) בעצאהלען, בעלוינען.

remunera'tion *n.* (רי-מיו-נע-ריי'-שאן) דאס בעלוינען, דאס בעצאהלען פאר א טובה; א בעלוינונג.

remu'nerative *a.* (רי-מיו'-נע-ריי-טיוו) וואס בעצאהלט זיך גוט, וואס לוינט זיך.

His present position is a very **remunerative** one.

remu'neratively *adv.* (רי-מיו'-נע-ריי-טיוו-לי) אויף אן אופן וואס לוינט זיך, וואס בעצאהלט זיך גוט.

remu'neratory *a.* (רי-מיו'-נע-ריי-טא-רי) וואס דיענט אלס בעלוינונג.

ren *n.* (רען) א ניער. ז. *kidney*

renaissance' *n.* (רי-ניי-סאנס') א ווידערגעבורט, דאס ווידער־אויפלעבען פון עפּעס.

Renaissance' *n. and a.* (רי-ניי-סאנס') די רענעסאנס, די עפּאכע אין דער געשיכטע פון די אייראפּעאישע פעלקער צום ענדע פון מיטעלאלטער און אנהויב פון דער נייער צייט [אונגעפעהר פון ענדע דעם 14טען יאהרהונדערט ביז'ן אנפאנג פון 17טען], וועלכע כאראקטעריזירט זיך מיט דער ווידער־אויפלעבונג פון דער קלאסישער ליטעראטור און קונסט; וואס איז שייך צו דער רענעסאנס, אין סטיל פון רענעסאנס.

Renaissance' ar'chitecture (רי-ניי-סאנס' אר'-קי-טעק-טשור) די רענעסאנס־ארכיטעקטור [א סטיל פון ארכיטעקטור און ארנאמענטען, וועלכער האט געהערשט אין אייראפּא אין דער רענעסאנס עפּאכע (אין 15טען און 16טען יאהרהונדערט) און איז געווען געגרינדעט אויף די כללים פון דער קלאסישער (אלט־רוימישער) בוי קונסט].

Renaissance Architecture

Renaissance' paint'ing (רי-ניי-סאנס' פיינט'-אינג) די מאלעריי פון דער רענעסאנס־עפּאכע [די איטאליענישע מאלעריי פון 15טען און 16טען יאהרהונדערט, וועלכע כאראקטעריזירט זיך מיט די קונסט־ווערק פון מיקעל אנזשעלא, לעאנארדא־דא־ווינטשי, ראפאעל, טיציאן א. ז. וו.].

re'nal *a.* (רי'-נעל) וואס פון די ניערען, וואס געהערט צו די ניערען.

re'nal ar'tery (רי'-נעל אר'-טע-רי) די ארטעריע אדער שלאג־אדער, וואס פערצווייגט זיך אין די ניערען. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

rename' *v.* (רי-ניים') געבען אן אנדער נאמען; נאך אמאל אנרופען ביים נאמען.

ren'ard *n.* (רענ'-ארד) ז. *reynard*

renas'cence *n.* (רי-נעס'-ענס) די ווידערגעבורט.

Renas'cence *n.* (רי-נעס'-ענס) ז. *Renaissance*

renas'cency *n.* (רי-נעס'-ען-סי) ז. *renascence*

renas'cent *a.* (רי-נעס'-ענט) וואס לעבט ווידער אויף; וואס ווערט ווידער געבארען; וואס וואקסט ווידער אויף.

renas'cible *a.* (רי-נעס'-איבל) וואס קען ווידער אויפלעבען, וואס קען ווידער געבארען ווערען.

rencoun'ter *v. and n.* (רענ-קאונ'-טער) זיך בעגעגנען, זיך צוזאמענשטויסען; אנגרייפען; זיך שלאגען, זיך פעכטען; א בעגעגניש, א צוזאמענשטויס; א געשלעג, א געפעכט.

rend *v.* (רענד) צו־רייסען, צורייסען; פערצוקען; האקען, צושפּאלטען; אבבייסען, ארויסרייסען; זיך רייסען, זיך שפּאלטען, פּלאצען.

rend away' (רענד ע-הוויי') אבבייסען, ארויסרייסען.

ren'der *v. and n.* (רענ'-דער) אבצאהלען, משלם זיין [פאר א טובה אדער רעה]; צוריקגעבען, אבגעבען; אבטרעטען; געבען, לייסטען, דערלאנגען [שטיצע, א טובה א. ד. ג.]; מאכען עפּעס, ווירקען אז עפּעס זאל ווערען; איבערזעצען; איבערגעבען איינעמס געדאנקען; פערשטעלען איינעמס כאראקטער; שפּיעלען א ראלע אין א דראמא; לייטערען אדער ריין מאכען עפּעס; שטוקאטורעווען א געמויערטע וואנד; דורכשלעפּען דורך א לאך [א שטריק]; א בעצאהלונג; די לייט אדער וואפּען צו שטוקאטורעווען וואנד; א צורייסער, א צופליקער, א פערצוקער.

ren'derable *a.* (רענ'-דער-עבל) וואס קען צוריקגעגעבען ווערען; צום איבערזעצען; וואס קען פארגעשטעלט אדער רעפּראדוצירט ווערען.

ren'der a ser'vice (רענ'-דער ע סויר'-ווים) טהאן א טובה.

ren'der back (רענ'-דער בעק) צוריקגעבען; ענטפערען.

ren'der dam'ages (רענ'-דער דעמ'-ע-דזשעז) צאהלען פאר'ן שאדען; אומקעהרען דעם היזק.

ren'derer *n.* (רענ'-דער-ער) דער וואס גיט אב; דער וואס בעצאהלט.

ren'dering *n.* (רענ'-דער-אינג) דאס איבערזעצען, די איבערזעצונג; דאס פערטייטשען, דאס פארשטעלען, דאס רעפּראדוצירען; [א פארם, א געשטאלט, א ראלע].

ren'dering of thanks (רענ'-דער-אינג אוו טהענקס) דאס דאנקען.

ren'der in'to (רענ'-דער אינ'-טו) איבערזעצען.

The poem is **rendered into** German.

ren'dezvous *n. and v.* (רענ'-דע-ווו) א ראנדעוואו, צוזאמענקונפט; א זאמעלפּלאץ [בעזאנדערס פאר שיפען און סאלדאטען]; פערזאמלען [מענשען, סאלדאטען, שיפען] אין א בעשטימטען פּלאץ; פערזאמלען זיך, צוזאמענקומען זיך אין א בעשטימטען פּלאץ.

rend in'to (רענד אינ'-טו) צורייסען אויף שטיקלעך.

rendi'tion *n.* (רען-דיש'-אן) דאס איבערזעצען; דאס ערקלערען דעם זין פון א ווארט אדער שטעלע; די איבערזעצונג; דאס אבגעבען, דאס אבטרעטען.

ren'egade *n.* (רענ'-אי-גייד) א רענעגאט, אן אבטריניגער, א משומד, איינער וואס פערלאזט זיין גלויבען אדער נאציאן; איינער וואס געהט איבער צום שונא.

renega'do *n.* (רענ-אי-גיי'-דאו) ז. *renegade*

ren'egate *a.* (רענ'-ע-גייט) אבטריניגריש, ווי א רענעגאט; פערעטעריש, פאלש.

renerve' *v.* (רי-נוירוו') קרעפטיגען, צוגעבען נייע כחות.

renew' *v.* (רי-ניו') בענייען, ווידערער

אויפבויען, ווידער איינפיהרען [אבגעשטארבענע מנהגים]; יונג מאכען, אויפלעבען [דאס פערשוואונדענע]; ווידער אנהויבען; איבער'חזר'ען; ווידער מאכען; זיך בענייען.

renewabil'ity *n.* (רי-ניו-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען בענייט ווערען.

renew'able *a.* (רי-ניו'-עבל) וואס קען בענייט ווערען.

renew'al *n.* (רי-ניו'-על) דאס בענייען, די בענייאונג.

Renew'al Sun'day (רי-ניו'-על סאנ'-דיי) דער צווייטער זונטאג נאך דעם קריסטליכען פסח.

renewed' *a.* (רי-ניוד') בענייט.

renew'edly *adv.* (רי-ניו'-עד-לי) ווידער אמאל, נאך אמאל.

renew'edness *n.* (רי-ניו'-עד-נעס) די בענייאונג.

renew'er *n.* (רי-ניו'-ער) א בענייער.

renew'ing *n.* (רי-ניו'-אינג) דאס בענייען.

renidifica'tion *n.* (רי-ניד-אי-פי-קיי'-שאן) דאס בויען א נייע נעסט.

renid'ify *v.* (רי-ניד'-אי-פאי) בויען א נייע נעסט.

ren'iform *a.* (רענ'-אי-פארם) ניערען־פערמיג, וואס האט די פארם פון א ניער.

ren'iform leaf (רענ'-אי-פארם ליעף) א ניערען־פערמיג בלאט.

Reniform Leaf

ren'itence *n.* (רענ'-אי-טענס) א ווידערשטאנד, א געגענווירקונג, א געגענדרוק; ווידערשפעניגקייט.

ren'itency *n.* (רענ'-אי-טענ-סי) ז. *renitence*

ren'itent *a.* (רענ'-אי-טענט) ווידערשפעניג, וואס בעווייזט א ווידערשטאנד; וואס ווירקט דאגעגען.

ren'net *n.* (רענ'-עט) [א קעז־מאגען] א מאגען פון א קעלבעלע וואס ווערט בענוצט צו מאכען קעז]; עטוואס וואס מאכט זייערען מילך; דער ראנעט [אזא עפעל].

ren'neting *n.* (רענ'-עט-אינג) דער ראנעט [א זארט עפעל].

renom'inate *v.* (רי-נאמ'-אי-נייט) נאמינירען א צווייטען מאל; ווידער בעשטימען איינעם אלס קאנדידאט.

renomina'tion *n.* (רי-נאמ-אי-ניי'-שאן) דאס ווידער נאמינירען, דאס ווידער בעשטימען איינעם אלס קאנדידאט צו א געוויסען אמט.

renounce' *v. and n.* (רי-נאונס') אבלייקענען; זיך אבזאגען; ניט אנערקענען; אין קארטען־שפיעל — מאכען א רענאנס [געהן ניט מיט דער מאסט פון דער ערשטער האנד]; א רענאנס [דאס שפיעלען מיט א קארט פון אן אנדער מאסט ווי עס פאדערט זיך].

renounce'ment *n.* (רי-נאונס'-מענט) דאס אבזאגען זיך, דאס ניט אנערקענען; אבלייקענונג.

renoun'cer *n.* (רי-נאונ'-סער) וואס זאגט זיך אב, לייקענט אב אדער אנערקענט ניט.

renounce' the world (רי-נאונס' טהי הווארלד) זיך אבזאגען פון דער וועלט, זיך צוריקציהען פון דער וועלט.

ren'ovate *v.* (רענ'-א-וועיט) בענייען, מאכען ווי ניי; רעסטאורירען אדער ווידערשטעלען [אן אלטע געביידע]; אבפרישען אדער בענייען די קראפט אדער ווירקונג פון עפעס.

ren'ovater *n.* (רענ'-א-ווי-טער) ז. *renovator*

renova'tion *n.* (רענ-א-וויי'-שאן) בענייאונג, אבפרישונג, רעסטאורירונג; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע— אויפלעבונג אונטער דער השפעה פון הייליגען גייסט [ווענען איינעם וואס טהוט תשובה].

renova'tionist *n.* (רענ-א-וויי'-שאנ-איסט) איינער וואס גלויבט אין דער אויסבעסערונג פון דער וועלט ניט דורך נאטירליכער ענטוויקלונג אדער מענשליכען איינפלוס, נאר דורך דער אויפלעבונג פון דעם מענשליכען גייסט אונטער דער געטליכער השפעה.

ren'ovator *n.* (רענ'-א-ווי-טאר) איינער וואס בענייט, רעסטאורירט, לעבט אויף אדער פרישט אב.
Sleep is the **renovator** of strength.

renown' *n. and v.* (רי-נאון') בעריהמטקייט; בעריהמט מאכען; זיך בעריהמען, זיך אויסשטעלען.

renowned' *a.* (רי-נאונד') בעריהמט.

renow'nedly *adv.* (רי-נאו'-נעד-לי) מיט בעריהמטקייט; אויף אן אופן, וואס כיהרט צו בעריהמטקייט.

renow'ner *n.* (רי.נאו'-נער) א בעריהמער; איינער וואס שטעלט זיך אוים.

rensselaer'ite *n.* (רענ-סע-לייר'-איט) א מין מאסיווער טאלק אדער שפעקשטיין [פון וועלכען מען מאכט פערשיעדענע זאכען, ווי טינטערס, לייכטער א. ד. ג.].

rent *n. and v.* (רענט) א ריס, א שפאלט, א ברוך; א שפאלטונג; רענטע, איינקונפט; צינז; ארענדע־געלד, פאכט־געלד, דירה־געלד; דאס רעכט אויף ארענדע־געלד אדער וועלכע ניט איז בעלוינונג פאר דער ערלויבנים זיך צו בענוצען מיט אייגענטום; פערדינגען, אבגעבען אין ארענדע, פערפאכטען; דינגען, נעהמען אין ארענדע; פערדונגען ווערען, אבגעגעבען ווערען אין ארענדע; צוריסען [ז. *rend*].

rent'able *a.* (רענט'-עבל) וואס קען פערדונגען ווערען אדער אבגעגעבען ווערען אין ארענדע.

rent'al *n.* (רענט'-על) א ארענדע־בוך, א צינז־בוך [וואו עס ווערען פערשריבען אלע הכנסות און פּראטקעס, וואס עס קומען דעם פריץ, דעם אייגענטימער פון'ם גוט פון זיינע פויערען אדער ארענדאטארען]; די הכנסה פון א גוט [ניט רעכענענדיג די הוצאות].

rent'-arrear' *n.* (רענט'-ע-ריער') ניט בעצאהלטעס אדער הינטערשטעליגעס דירה־געלד אדער ארענדע־געלד.

rent'-charge *n.* (רענט'-טשארדזש) ערבצינז, אן אבצאהלונג פון לאנד, וואס ווערט איינעם אוועקגעגעבען אלס אייגענטום בלויז פאר ארענדע־געלד [דער ארענדאטאר רעכענט זיך פאר'ן אייגענטימער פון דעם לאנד, מען קען אבער לעגען אן ארעסט אויף'ן לאנד, אויב ער צאהלט ניט דאס ארענדע־געלד].

rent'-day *n.* (רענט'-דיי) דער צינז־טאג, דער ארענדע־טאג.

rent'er *n. and v.* (רענט'-ער) א שכן, איינער וואס דינגט א הויז: א פאכטער; אן ארענדאטאר; איינער וואס פערדינגט אדער גיט אוועק אין ארענדע; פעררינטען, בענייען די מוסטערען פון טאפעטען [אביטשעס, שפאליר]; פערנעהען אזוי, אז מען זאל עס קוים בעמערקען.

rent'erer *n.* (רענט'-ער-ער) איינער וואס קען צונויפנעהען אדער צונויפשטוקעווען אזוי מען זאל עס ניט בעמערקען.

rent'er-war'den *n.* (רענט'-ער-הוואר'דן) דער רענט־מייסטער [אן אנגעשטעלטער פון א קאמפאניע וואס האט די אויפזיכט איבער די ארענדע־איינצאהלונגען].

rent'-free *a. and adv.* (רענט'-פריע) וואס האט ניט אויף זיך קיין ארענדע; אהן ארענדע־געלד, אהן געצאהלט.

rentier' *n.* (ראנ-טיעי') א ראנטיער [איינער וואס לעבט פון בעשטימטע הכנסות פון לאנד, אקציעס א. ז. וו.].

rent'-roll *n.* (רענט'-ראול) ז. *rental*

rent'-seck *n.* (רענט'-סעק) ז. *rent-service*

rent'-ser'vice *n.* (רענט'-סויר'-ווים) דאס רעכט אויף ארענדע־געלד אדער אויף אן אנדער בעלוינונג פאר דער ערלויבנים זיך צו בענוצען מיט אייגענטום.

ren'uent *a.* (רענ'-יו-ענט) אין אנאטאמיע — וואס ווארפט צוריק דעם קאפ [הויפטזעכליך וועגען די מוסקולען, וועלכע האבען אזא ווירקונג].

renum'ber *v.* (רי-נאמ'-בער) ווידער צעהלען; איבערנומערירען, געבען א נייעם נומער [ווי למשל, א הויז].

renu'merate *v.* (רי-ניו'-מע-רייט) ווידער צעהלען; פון דאס ניי איבעררעכענען; איבערנומערירען.

renuncia'tion *n.* (רי-נאנ-שי-איי'-שאן) ז. *renouncement*

renun'ciatory *a.* (רי-נאנ'-שי-איי-טא-רי) זיך אבזאגענד, אבלייקענענד, ניט אנערקענענד.

renverse' *a.* (רענ-וואירס') איבערגעקעהרט, מיט'ן קאפ אראב [וועגען פיגורען אויף הערבען].

reobtain' *v.* (רי-אב-טיין') ווידער בעקומען, ווידער קריעגען אדער דערגרייכען.

reobtain'able *a.* (רי-אב-טיינ'-עבל) וואס מען קען נאך אמאל קריעגען, בעקומען אדער דערגרייכען.

reoc'cupy *v.* (רי-אק'-יו-פאי) ווידער פערנעהמען, ווידער נעהמען אין בעזיץ.

reo'pen *v.* (רי-או'פן) ווידער עפנען, ווידער אנהויבען; זיך עפנען פון דאס ניי.

reoppose' *v.* (רי-א-פאוז') ווידער ארויסטרעטען געגען עפעס אדער אימעצען.

reordain' *v.* (רי-אהר-דיין') ווידער פעראָרדנען, בעשטימען אדער אנשטעלען.

reor'der *v.* (רי-אהר'-דער) ווידער איינריכטען אדער ברייננען אין ארדנונג; ווידער בעפעהלען; ווידער בעשטעלען.

reordina'tion *n.* (רי-אהר-די-ניי'-שאן) א ווידער־בעשטימונג; א ווידער־איינווייהונג פון א גייסטליכען אין אן אמט; א ווידער־איינריכטונג; א בענייטער בעפעהל; דאס ווידער איינארדנען אדער איינשטעלען אין רייהען.

reorganisa'tion *n.* (רי-אהר-גענ-אי-זיי'-שאן) ז. *reorganization*

reor'ganise *v.* (רי-אהר'-גענ-איז) ז. *reorganize*

reorganiza'tion *n.* (רי-אהר-גענ-אי-זיי'-שאן) א רעארגאניזירונג, א רעארגאניזאציאן, א ווידער־איינריכטונג, דאס ארגאניזירען פון דאס ניי.

reor'ganize *v.* (רי-אהר'-גענ-איז) ארגאניזירען פון דאס ניי; רעארגאניזירען; ווידער איינריכטען.

rep *n.* (רעפּ) ריפס [א מין זיידען אדער וואלען צייג]; עהרען־ווארט; רעפּוטאציע.

Rep. אבקירצונג פון *Republican* אדער פון *Representative*

repace' *v.* (רי-פֵּייס') איבערשרייטען, איבערגעהן נאך אמאל; צוריק איבערגעהן.

repac'ify *v.* (רי-פעס'-אי-פאי) ווידער בערוהיגען, ווידער איינשטילען, ווידער מאכען פריעדליך.

repack' *v.* (רי-פעק') ווידער איינפאקען, איבערפאקען.

repack'er *n.* (רי-פעק'-ער) איינער וואס פאקט איבער אדער פאקט צום צווייטען מאל.

repair' *v. and n.* (רי-פעהר') 1. פערריכטען, אויסבעסערען, רעפארירען, רעמאנטירען, רעסטאורירען; 2. גוט מאכען, פערגיטיגען; 3. געהן [צו א בעשטימטען פלאץ]; זיך בעגעבען, זיך ווענדען [צו א פלאץ]; 4. פערריכטונג, רעפארירונג, רעמאנטירונג, רעסטאורירונג; גוט=מאכונג, פערגיטיגונג; 5. א גוטער צושטאנד [בנוגע צו רעמאנט]; א צושטאנד [גוטער אדער שלעכטער] בנוגע צו רעמאנט; 6. דאס בעגעבען זיך, ווענדונג [צו א פלאץ]; אן איפהאלטונגס=פלאץ, א פלאץ צו וועלכען מען געהט אדער וואוהין מען ווענדעט זיך.

2. Some errors can be **repaired**. 3. They **repaired** to the restaurant for dinner. 5. The building is in good **repair**.

repair'able *a.* (רי-פעהר'-עבל) וואס קען פערריכט אדער רעמאנטירט ווערען; וואס קען גוט=געמאכט ווערען.

repair'er *n.* (רי-פעהר'-ער) איינער וואס פערריכט, בעסערט אויס אדער מאכט ווידער גוט.

repair'ment *n.* (רי-פעהר'-מענט) פערריכטונג, רעמאנטירונג, רעסטאורירונג; גוט=מאכונג, פערגיטיגונג.

repairs' *n.* (רי-פעהרז') 1. רעמאנט; רעפארירונג, פערריכטונג; 2. די קאסט פון רעמאנט.

1. The house is very much in need of **repairs**.

repair'-shop *n.* (רי-פעהר'-שאפ) א רעמאנט=ווערקשטאט [א ווערקשטאט, וואו מען פערריכט פערשיעדענע זאכען, ווי למשל, א ווערקשטאט וואו מען מאכט רעמאנטען פאר אייזענבאהנען].

Repand Leaf

repand' *a.* (רי-פענד') וועלען=עהנליך, עהנליך צו כוואליעס [וועגען פלאנצען=בלעטער אדער וועגען די ברעגעס פון פלאנצען=בלעטער].

repandoden'tate *a.* (רי-פען-דאו-דענ'-טייט) וועלען=ארטיג און געצאקט [וועגען פלאנצען=בלעטער].

repan'dous *a.* (רי-פענ'-דאס) געבויגען ארויף=צו; קאנוועקס געקרימט.

repa'per *v.* (רי-פיי'-פער) פון דאס ניי טאפעצירען, פון דאס ניי אויסקלעפען מיט טאפעטען [אביטשעס, שפאליער].

reparabil'ity *n.* (רעפ-ע-רע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פערריכט ווערען, רעפארירט ווערען אדער רעמאנטירט ווערען; דאס קענען גוט=געמאכט ווערען.

rep'arable *a.* (רעפ'-ע-רעבל) ז. *repairable*.

rep'arably *adv.* (רעפ'-ע-רע-בלי) אזוי אז עס זאל קענען פערריכט ווערען אדער גוט=געמאכט ווערען.

repara'tion *n.* (רעפ-ע-ריי'-שאן) גוט=מאכונג, בעגיטיגונג [פאר א שאדען, בעליידיגונג א. ז. וו.]; פערריכטונג, רעמאנטירונג, רעסטאורירונג.

repar'ative *a. and n.* (רי-פער'-ע-טיוו) וואס בעסערט אויס, וואס מאכט גוט, גוט=מאכענד, וואס בעפריעדיגט פאר א שאדען; עטוואס וואס פערריכט; עטוואס וואס מאכט גוט אדער בעגיטיגט [פאר א שאדען].

repart' *v.* (רי-פארט') פאנאנדערטיילען.

repartee' *n.* (רעפ-אר-טיע') 1. א שנעלער וויציגער ענטפער; 2. שלאגפערטיגקייט [פעהיגקייט צו געבען שנעלע און וויציגע ענטפערס]; ענטפערען שנעל און וויציג.

2. As a wit he is at his best in **repartee**.

repartimien'to *n.* (רע-פאר-טי-מיענ'-טאו) א טייל, אן אבטיילונג; א חלק; אין די שפאניש=אמעריקאנישע לענדער — רעפארטימיענטא [די פאנאנדערטיילונג פון דעם לאנד צוזאמען מיט די איינוואהנער צווישען די ערשטע שפאנישע ענטדעקער און עראבערער].

reparti'tion *n.* (רי-פאר-טיש'-אן) א נייע פערטיילונג, א ווידער=איינטיילונג.

repass' *v.* (רי-פעס') נאך אמאל איבערגעהן אדער איבערפאהרען; צוריקקומען, צוריקפאהרען; ווידער פאסירען; געהן צוריק, זיך בעוועגען צוריק.

repas'sage *n.* (רי-פעס'-עדזש) דאס צוריקקומען, דאס צוריקפאהרען; דאס ווידער איבערגעהן אדער איבערפאהרען; א צוריקגאנג.

repast' *n. and v.* (רי-פעסט') א מאהלצייט; שפייז; קארמענען, שפייזען אימעצען; עסען, שפייזען.

repa'triate *v.* (רי-פיי'-טרי-אייט) אומקעהרען צום פאטערלאנד.

repatria'tion *n.* (רי-פיי-טרי-איי'-שאן) די אומקעהרונג צום פאטערלאנד.

repay' *v.* (רי-פיי') צוריקצאהלען; אבצאהלען; בעלוינען [מיט גוטס אדער שלעכטס].

repay'able *a.* (רי-פיי'-עבל) וואס קען אדער מוז צוריקגעצאהלט ווערען.

The loan is **repayable** at the end of sixty days.

repay'ment *n.* (רי-פיי'-מענט) צוריקצאהלונג; דאס צוריקגעצאהלטע.

repeal' *v. and n.* (רי-פיעל') צוריקרופען, מבטל זיין, אבשאפען [א געזעץ, אן אורטייל, א בעלוינונג א. ז. וו.]; דאס מבטל זיין, צוריקרופונג, אבשאפונג [פון א געזעץ, אורטייל א. ז. וו.].

repealabil'ity *n.* (רי-פיעל-ע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צוריקגערופען ווערען, אבגעשאפט ווערען אדער בטל געמאכט ווערען [וועגען געזעצע, אורטיילע, בעווילגונגען א. ז. וו.].

repeal'able *a.* (רי-פיעל'-עבל) וואס מען קען מבטל זיין; וואס קען אבגעשאפט ווערען אדער צוריקגערופען ווערען [וועגען א געזעץ, אורטייל א. ז. וו.].

Certain provisions of the American Constitution are not **repealable**.

repeal'ableness *n.* (רי-פיעל'-עבל-נעס) ז. *repealability*.

repeal' agita'tion (רי-פיעל' עדזש-אי-טיי'-שאן) די אמאליגע בעוועגונג אין ענגלאנד מבטל צו מאכען דעם פעראייניגונגס=אבמאך צווישען ענגלאנד און אירלאנד [פון יאהר 1801].

repeal'er *n.* (רי-פיעל'-ער) איינער וואס איז מבטל, שאפט אב אדער רופט צוריק [א געזעץ, אורטייל א. ז. וו.]; איינער וואס האט אגיטירט, אז דער פעראייניגונגס=אבמאך צווישען ענגלאנד און אירלאנד [פון יאהר 1801] זאל אבגעשאפט ווערען.

repeat' *v. and n.* (רי-פיעט') ווידערהאלען; איבער'חזר'ען; פארלעזען; דעקלאמירען; שווינדלעריש שטימען מעהר ווי איין מאל פאר דעמזעלבען קאנדידאט; מאכען א פערזוך צו שטימען מעהר ווי איין מאל; אויסקלינגען נאך אמאל [וועגען א זייגער, וואס קען צו יעדער צייט נאך אמאל און נאך אמאל אויסקלינגען די שטונדע, האלבע שטונדע אדער פיערטעל שטונדע, ווען מען דריקט אן א געוויסע פרוזשינע]; ווידערהאלונג; דאס ווידערהאלטע; א ווידערהאלטער טייל פון א מוזיקאלישען שטיק; א ווידערהאלונגס=צייכען [אין מוזיק — א צייכען, וואס צייגט, אז א געוויסער טייל דארף ווידערהאלט ווערען].

repeat'edly *adv.* (רי-פיעט'-עד-לי) ווידערהאלענד, מעהר ווי איין מאל, נאך אמאל און ווידער אמאל.

repeat'er *v.* (רי-פיעט'-ער) איינער וואס ווידערהאלט; איינער וואס חזר'ט איבער; איינער וואס שטימט אדער מאכט א פערזוך אונגעזעצליך צו שטימען מעהר ווי איין מאל פאר דעמזעלבען קאנדידאט; איינער וואס לעזט פאר אדער דעקלאמירט; א רעפעטיר=זייגער [וואס קען צו יעדער צייט אויסקלינגען די שטונדע, ווען מען דריקט אן א געוויסע פרוזשינע]; א רעפעטיר=ביקס אדער רעפעטיר=רעוואלווער [וואס שיסט עטליכע מאל כסדר]; א שיף, וואס ווידערהאלט די סיגנאלען פון דער אדמיראל=שיף; א פיגור אין א מוסטער [אויף ציץ אדער קאטון], וואס ווידערהאלט זיך רעגעלמעסיג.

repeat'ing *n.* (רי-פיעט'-אינג) ווידערהאלונג; דאס שטימען אדער דער פערזוך צו שטימען אונגעזעצליך מעהר ווי איין מאל פאר דעמזעלבען קאנדידאט.

repeat'ing ship (רי-פיעט'-אינג שיפ) א שיף וואס ווידערהאלט די סיגנאלען פון דער אדמיראל=שיף.

repel' *v.* (רי-פעל') צוריקטרייבען, פערטרייבען [א שונא]; אבשטויסען; צוריקשטויסען; אומווארפען אן ארגומענט; ארויסצייגען א ווידערשטאנד; אין מעדיצין — אבווענדען די אנשוועלונג פון פליסיגקייט, פערמיידען א געשווילעכץ.

repel'lence *n.* (רי-פעל'-ענס) ז. *repellency*.

repel'lency *n.* (רי-פעל'-ענ-סי) אבשטויסונג, צוריקשטויסונג; א צוריקשטויסונגס=קראפט; וואסער=זיכערהייט; פעהיגקייט צו פערמיידען א געשווילעכץ.

repel'lent *a. and n.* (רי-פעל'-ענט) צוריקשטויסענד; אבשטויסענד, עקעלדיג; וואסער=זיכער [וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער]; א מעדיצינישער מיטעל געגען א געשווילעכץ; א וואסער=זיכערער שטאף [געוואנד אדער פאפיער].

repel'ler *n.* (רי-פעל'-ער) א צוריקשטויסער, איינער אדער עטוואס וואס שטויסט צוריק.

repent' *v. and a.* (רי-פענט') 1. חרטה האבען; 2. טהאן תשובה; 3. קריכענד [וועגען פלאנצען און טהיערע].

1. Marry in haste, **repent** at leisure. 2. The child **repents** of his disobedience.

repent'ance *n.* (רי-פענט'-ענס) חרטה; תשובה.

repent'ant *a. and n.* (רי-פענט'-ענט) וואס האט חרטה; וואס טהוט תשובה; א בעל תשובה.

repent'antly *adv.* (רי-פענט'-ענט-לי) מיט חרטה, מיט תשובה.

repent'er *n.* (רי-פענט'-ער) איינער וואס האט חרטה, א בעל תשובה.

repent'ingly *adv.* (רי־פענט'־אינג־לי) מיט חרטה, מיט תשובה.

repent'less *a.* (רי־פענט'־לעס) וואס האט קיין חרטה ניט, וואס טהוט קיין תשובה ניט.

repeo'ple *v.* (רי־פיע'פל) ווידער בע־פעלקערן.

reper'cept *n.* (רי־פויר'־סעפט) א וויע־דערהאלטע וואהרנעהמונג.

repercep'tion *n.* (רי־פער־סעפ'־שאן) דאס ווידער בעגרייפען, א ווידערהאל־טע וואהרנעהמונג.

repercuss' *v.* (רי־פער־קאס') צוריק־ווארפען, צוריקשטויסען, צוריקטרייבען.

repercus'sion *n.* (רי־פער־קאש'־אן) דאס צוריקשטויסען, דאס צוריקטרייבען; דאס צוריקשפרינגען; אין מוזיק — די דאמינאנטע, דער טאן וואס ווערט אפ־טער ווידערהאלט.

repercus'sion of sound (רי־פער־קאש'־אן אוו סאונד) אן עכא, א ווידער־קול.

repercus'sive *a.* and *n.* (רי־פער־קאס'־איוו) צוריקווארפענד, צוריקשטוי־סענד; צוריקגעווארפען; א מעדיצינישער מיטעל געגען א געשווילעכץ.

repertoire' *n.* (רעפ־ער־טואר') רע־פערטואר, א ליסטע פון טעאטראלישע פיע־סען, וואס א געוויסע טרופע האט איינ־געשטודירט און איז בערייט צו שפיע־לען אין פערלויף פון סעזאן; א זאמלונג פון פיעסען.

reperto'rium *n.* (רעפ־ער־טאו'־רי־אם) ז. *repertory*.

rep'ertory *n.* (רעפ'־ער־טא־רי) אן אוצר, א שאצקאמער, א קאלעקציע, א שפייכלער; א רייסטער, א קאטאלאג, אן אינוועטאר־צעטעל, אן אינדעקס, א תוכן הענינים; א טעאטער־רעפערטואר.

reperu'sal *n.* (רי־פי־רוה'־זעל) דאס דורכקוקען אדער איבערלעזען עפעס נאך אמאל.

reperuse' *v.* (רי־פי־רוהז') ווידער איבערקוקען; נאך אמאל איבערלעזען.

rep'etend *n.* (רעפ'־אי־טענד) אין אריפמעטיק — די פעריאדע אין א דע־צימאל ברוך־צאהל [דער ציפער אדער די ציפערן, וועלכע חזר'ען זיך איבער אונ־אויפהערליך אין אזא צאהל, ווי למשל, די צאהל ...0,29292929].

repetent' *n.* (רעפ־אי־טענט') א רעפּע־טיטאר, א פריוואט־לעהרער.

repeti'tion *n.* (רעפ־אי־טיש'־אן) דאס איבער'חזר'ען, דאס ווידערהאלען; דאס זאגען אויסענווייניג; א רעפעטיציע; דאס וואס ווערט ווידערהאלט.

repeti'tional *a.* (רעפ־אי־טיש'־אנ־על) וואס איז שייך צו א ווידערהאלונג אדער איבער'חזר'ונג.

repeti'tious *a.* (רעפ־אי־טיש'־אס) וואס חזר'ט זיך איבער; וואס האלט אין איין איבער'חזר'ען.

repeti'tiously *adv.* (רעפ־אי־טיש'־אס־לי) כסדר איבער'חזר'ענדיג; אויף א לאנגווייליגען ווידערהאלענדען אופן.

repet'itive *a.* (רי־פעט'־אי־טיוו) וואס חזר'ט איבער דאסזעלבע; וואס האט אין זיך ווידערהאלונגען.

repet'itor *n.* (רי־פעט'־אי־טאר) א רע־פעטיטאר, א פריוואט־לעהרער וואס לע־רענט אויס שילער זייערע שוהל־אויפגא־בען; א פריוואט־לעהרער אין אן אוני־ווערזיטעט.

repicque' *n.* and *v.* (רע־פיק') ז. *repique*.

repine' *v.* (רי־פאין') זיין קלאגען זיך; זיין אונצופרידען; ערגערען זיך; פערדרוס האבען; ווארטשען, בעקלאגען זיך.

repine' at (רי־פאין' עט) קלאגען זיך אויף עפעס; אין כעס זיין אויף עפעס, האבען פערדרוס.

He repines at his misfortunes and at our good luck.

repi'ner *n.* (רי־פאי'־נער) א "קלאג־מוטער", א ווארטשון, אן אונצופרידענער, איינער וואס בעקלאגט זיך שטענדיג.

repi'ning *a.* (רי־פאי'־נינג) אונצופריע־דען; קלאגענד, מורמלענד, ווארטשענד.

repi'ningly *adv.* (רי־פאי'־נינג־לי) אויף אן אונצופריעדענעם שטייגער; מיט טענות.

repique' *n.* and *v.* (רע־פיק') אין פּי־קעט־שפּיעל — דאס געווינען 30 אדער מעהר אויגען פון די קארטען וואס מען האט אין האנד איידער מען האט נאך אנ־געהויבען שפּיעלען; האבען פון די קאר־טען אין האנד מעהר ווי 30 אויגען נאך איידער דאס שפיעל האט זיך אנגעפאנגען.

replace' *v.* (רי־פּליים') אוועקשטעלען אויף'ן פריהריגען פלאץ; איבערשטעלען, שטעלען אויף אן אנדער פלאץ; פערנעה־מען דעם פלאץ; צוריקצאהלען; פערביי־טען איינעם אדער עפעס.

repla'ceable *a.* (רי־פליי'־סעבל) וואס קען איבערגעשטעלט ווערען אויף אן אנ־דער פלאץ; וואס קען אומגעביטען ווערען.

replace'ment *n.* (רי־פליים'־מענט) דאס איבערשטעלען אויף אן אנדער פלאץ; דאס אומבייטען; דאס אוועקשטע־לען אויף'ן פריהריגען פלאץ.

repla'cer *n.* (רי־פליי'־סער) איינער וואס שטעלט עפעס איבער אויף דעם פריהריגען אדער אויף אן אנדער פלאץ; איינער וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדערען.

repla'cing-switch *n.* (רי־פליי'־סינג־סוויטש) א פאררינכטונג אויף אן אייזנ־באהן, דורך וועלכער א וואגאן אדער צוג וואס איז ארא בפון די רעלסען, געהט ווידער ארויף אויף זיי.

replant' *v.* and *n.* (רי־פלענט') וויע־דער פלאנצען, איבערפלאנצען; דאס וואס איז איבערגעפלאנצט געווארען.

replan'table *a.* (רי־פלענ'־טעבל) וואס קען ווידער אמאל געפלאנצט ווערען.

replanta'tion *n.* (רי־פלענ־טיי'־שאן) דאס ווידער פלאנצען.

replead' *v.* (רי־פליעד') ווידער טענה'ן, ווידער בעווייזען, ווידער פערטיידיגען [אין געריכט]. ז. *plead*.

repledge' *v.* (רי־פלעדזש') ווידער פערזעצען; ווידער פייערליך צוזאגען, ווידער טהאן א נדר.

repledg'er *n.* (רי־פלעדזש'־ער) איינער וואס פערזעצט עפעס נאך אמאל; איינער וואס זאגט צו פייערליך ווידער, איינער וואס טהוט ווידער א נדר.

replen'ish *v.* (רי־פלענ'־איש) צוריק־אנפילען.

The glasses were replenished with wine.

replen'ishment *n.* (רי־פלענ'־איש־מענט) דאס אנפילען; דאס וואס דער־פרישט אדער מאכט פול.

replete' *a.* and *v.* (רי־פליט') פול, אנ־געפילט; אנפילען.

reple'tion *n.* (רי־פּלי'־שאן) פולקייט; איבערפולקייט; פול־בלוטיגקייט.

reple'tive *a.* (רי־פלי'־טיוו) איבער־פילענד; וואס מאכט פול איבער דער מאס.

reple'tory *a.* (רי־פלי'־טא־רי) וואס האט די נייגונג צו ווערען איבערפילט.

replev'iable *a.* (רי־פלעוו'־אי־עבל) וואס מען קען אויסלעזען; וואס מען קען צוריק בעקומען [וועגען זאכען אויף וועל־כע עס איז געלעגט אן ארעסט]. ז. *replevin*.

replev'in *n.* and *v.* (רי־פלעוו'־אין) אין יוריספרודענץ — דאס אראבנעהמען אדער די פאדערונג אראבצונעהמען דעם פערבאט אויף געוויסע זאכען, אויף וועל־כע עס איז געלעגט געווארען אן ארעסט [אונטער דער פעריכערונג, אז אויב עס וועט דערוויזען ווערען, אז דער ארעסט איז געמאכט געווארען אויף א גערעצלי־כען גרונד זאלען די זאכען ווידער פער־באטען ווערען]; דער דאקומענט דורך וועלכען אזא פערבאט ווערט אראבגענו־מען; אראבנעהמען דעם פערבאט אויף ארעסטירטע זאכען.

replev'isable *a.* (רי־פלעוו'־אי־סעבל) ז. *repleviable*.

replev'ish *v.* (רי־פלעוו'־איש) ז. *replevy*.

replev'isor *n.* (רי־פלעוו'־אי־סאר) אין יוריספרודענץ — איינער וואס פאדערט צוריקצובעקומען זאכען, אויף וועלכע עס איז געלעגט אן ארעסט.

replev'y *v.* (רי־פלעוו'־אי) בעטען ביי דעם געריכט צו בעפרייען ארעסטירטע זא־כען; בעקומען צוריק ארעסטירטע זאכען.

rep'lica *n.* (רעפ'־לי־קא) א קאפיע; א קאפיע פון א קונסט־ווערק, וואס איז געמאכט פון דעם קינסטלער אליין און ווערט בעטראכט ווי אן אריגינאל; אין מוזיק — א ווידערהאלונג, א שטיק וואס ווערט נאך אמאל געשפיעלט.

rep'licant *n.* (רעפ'־לי־קענט) איינער וואס ענטפערט אדער אפּאנירט.

rep'licate *a.*, *n.* and *v.* (רעפ'־לי־קיים) צוריקגעבויגען; אין מוזיק — א ווידער־האלונג אויף א העכערען אדער נידריגערען טאן; אבבויגען אויף צוריק.

replica'tion *n.* (רעפ־לי־קיי'־שאן) אן ענטפער, אן ערווידערונג; אין געריכטס־פיהרונג — דער ענטפער פון אנקלאגער אויף די טענות פון דעם אנגעקלאגטען; א קאפיע, א פארטרעט פון עפעס; אין מוזיק — די ווידערהאלונג פון א טאן אויף א העכערער אדער נידריגערער אק־טאווע; אין לאגיק — די ווידערהאלונג פון א ווארט אין דעמזעלבען זאץ.

rep'licative *a.* (רעפ'־לי־קיי־טיוו) וואס איז שייך צו אן ענטפער, צו אן ערוויע־דערונג, צו א ווידערהאלונג א. ז. וו.

repli'er *n.* (רי־פלאי'־ער) איינער וואס ענטפערט; איינער וואס שרייבט א רעפּליקע אדער ערווידערונג.

replume' *v.* (רי־פלוהם') ווידער איינ־ארדנען, ווידער אין ארדנונג ברייגנען; פוצען די פעדערן [ווי א פויגעל].

reply' *v.* and *n.* (רי־פלאי') ענטפערען; אן ענטפער, א תשובה.

repol'ish *v.* (רי־פאל'־איש) ווידער פּאלירען.

repop'ulate *v.* (רי־פאפּ'־יו־לייט) נאך אמאל בעפעלקערען.

repopula'tion *n.* (רי־פאפ־יו־ליי'־שאן) דאס ווידער בעפעלקערען, דאס בעפעלקערען פון דאס ניי.

report' *v.* and *n.* (רי־פאורט') רעפּאר־טירען, בעריכטען; אבגעבען א ראפּארט; פּראטאקאלירען; אנמסר'ען אויף איינעם, פערקלאגען; א בעריכט, א ראפּארט, א דין וחשבון; א קלאנג, א סלוך; א רע־פּוטאציע, א נאמען; א קנאל [פון א ביקס].

repor'table *a.* (רי-פאור'-טעבל) וואס קען בעריכטעט ווערען.

repor'tage *n.* (רי-פאור'-טעדזש) א רעפארט, א נאכריכט.

repor'ter *n.* (רי-פאור'-טער) דער וואס פראטאקאלירט, גיט אב א בעריכט; דער וואס פערשרייבט די פערהאנדלונגען פון פארלאמענט אדער געריכטליכע פערהאנדלונגען; א רעפארטער, א נייעס-בעריכטער אין א צייטונג.

repor'tingly *adv.* (רי-פאור'-טינג-לי) לויט ווי מען רעדט; לויט דעם קלאנג אדער סלוך.

reporto'rial *a.* (רי-פאר-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א רעפארטער [א נייעס-בעריכטער אין א צייטונג].

repo'sal *n.* (רי-פאו'-זעל) רוה; דאס רוהען.

repose' *n. and v.* (רי-פאוז') רוה, רוהיגקייט; רוהען, אויסרוהען זיך, זיין געגרינדעט אויף עפעס; געבען רוה; באזירען; פערלאזען זיך.

repose' con'fidence in one (רי-פאוז' קאנ'-פי-דענס אין הוואן) זיך אין איטעצען פערטרויען, גלויבען אין איינעם.

reposed' *a.* (רי-פאוזד') רוהיג, געזעצט.

repo'sedly *adv.* (רי-פאו'-זעד-לי) אויף א רוהיגען, געזעצטען שטייגער.

repo'sedness *n.* (רי-פאו'-זעד-נעס) רוהיגקייט, געזעצטקייט.

repose'ful *a.* (רי-פאוז'-פול) בערוהיגענד; פול מיט רוה; אויף וועלכען אדער אויף וואס מען קען זיך פערלאזען.

repose' on (רי-פאוז' אן) פערלאזען זיך, האבען פערטרויען; באזירען, זיין געגרינדעט אויף עפעס.

repose' oneself' (רי-פאוז' הוואנ-סעלף') רוהען, זיך אויסרוהען.

repose' on lau'rels (רי-פאוז' אן לאה'-רעלז) קומען ביז א געוויסען פונקט פון עפענטליכען אנערקענטען ערפאלג און אבשטעלען זיך אויף דעם.

repos'it *v. and n.* (רי-פאז'-איט) לעגען, אוועקלעגען, בעהאלטען; דאס וואס איז אוועקגעלעגט אדער בעהאלטען געווארען.

reposi'tion *n.* (רי-פא-זיש'-אן) דאס אוועקלעגען עפעס אין זיכערהייט; דאס אומקעהרען צוריק אויף דעם פאריגען פלאץ אדער אין פאריגען צושטאנד.

repos'itory *n. and a.* (רי-פאז'-אי-טא-רי) א בעהאלטונגס-ארט; א לאגער אדער מאגאזין פאר סחורות; וואס איז בעשטימט צום האלטען אין א מאגאזין.

repossess' *v.* (רי-פא-זעס') וויעדער בעזיצען; וויעדער בעקומען עפעס אין בעזיץ.

reposses'sion *n.* (רי-פא-זעש'-אן) דאס בעזיצען עפעס נאך אמאל.

repo'sure *n.* (רי-פאו'-זשור) רוה, אברוה.

repot' *v.* (רי-פאט') איבערזעצען אין טעפ [פלאנצען]; איבערפלאנצען פון איין כלי אין דער צווייטער.

repour' *v.* (רי-פאור') וויעדער גיסען.

reprehend' *v.* (רעפ-רי-הענד') טאדלען, פארווארפען, בלאמירען, מוסר'ען, אויסרעדען, אויסשטראפען.

reprehen'der *n.* (רעפ-רי-הענ'-דער) א טאדלער, א מוסר'ער, א בלאמירער.

reprehensibil'ity *n.* (רעפ-רי-הענ-סי-ביל'-אי-טי) דאס פערדיענען א פארווארף, דאס זיין ווערטה געטאדעלט צו ווערען.

reprehen'sible *a.* (רעפ-רי-הענ'-סיבל) טאדעלהאפט, וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען.

reprehen'sibleness *n.* (רעפ-רי-הענ'-סיבל-נעס) טאדעלהאפטיגקייט, דאס ווערטה זיין געטאדעלט צו ווערען.

reprehen'sibly *adv.* (רעפ-רי-הענ'-סי-בלי) אויף אן אופן וואס פערדיענט טאדעל אדער פארווארף.

reprehen'sion *n.* (רעפ-רי-הענ'-שאן) א טאדעל, א פארווארף.

reprehen'sive *a.* (רעפ-רי-הענ'-סיוו) וואס ווארפט פאר, וואס בלאמירט, וואס טאדעלט, וואס מוסר'ט, וואס רעדט אויס; וואס ענטהאלט טאדעל.

reprehen'sively *adv.* (רעפ-רי-הענ'-סיוו-לי) מיט פארווארף; דורך טאדעל.

reprehen'sory *a.* (רעפ-רי-הענ'-סא-רי) וואס טאדעלט; וואס ענטהאלט טאדעל.

represent' *v.* (רעפ-רי-זענט') שילדערען, בעשרייבען; פארשטעלען; אויסמאהלען; פערטרעטען אימעצען; געבען צו פערשטעהן; שפיעלען [א ראלע אין טעאטער].

representabil'ity *n.* (רעפ-רי-זענ-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען פארגעשטעלט ווערען.

represen'table *a.* (רעפ-רי-זענ'-טעבל) וואס קען פארגעשטעלט ווערען.

represen'tant *a. and n.* (רעפ-רי-זענ'-טענט) פערטרעטענד; וואס דיענט צום פערטרעטען; א פערטרעטער, א שטעל-פערטרעטער.

representa'tion *n.* (רעפ-רי-זענ-טיי'-שאן) א פארשטעלונג; א פערטרעטונג, א שטעל-פערטרעטונג; דאס פארשטעלען; א שילדערונג, א בעשרייבונג; דאס שפיעלען [א פיעסע, א ראלע]; דאס פארלעגען, דאס צייגען; דאס מוסר'ן, דאס טענה'ען; א פאלקס-פערטרעטער.

representa'tional *a.* (רעפ-רי-זענ-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צום פארשטעלען, צום שילדערען, צום פערטרעטען א. ז. וו. ז. *representation*

represen'tative *a. and n.* (רעפ-רי-זענ'-טע-טיוו) וואס שטעלט פאר; וואס פערטרעט; א פארשטעהער, א פערטרעטער, א שטעל-פערטרעטער.

represen'tatively *adv.* (רעפ-רי-זענ'-טע-טיוו-לי) רעפרעזענטירענדיג, פארשטעלענדיג, פערטרעטענדיג, אלס פערטרעטער, דורך א פערטרעטער.

represen'tativeness *n.* (רעפ-רי-זענ'-טע-טיוו-נעס) פארשטעהערשאפט, פערטרעטערשאפט.

represen'ter *n.* (רעפ-רי-זענ'-טער) איינער וואס שטעלט עפעס פאר; א פארשטעהער, א פערטרעטער.

repress' *v.* (רי-פרעס') אונטערדריקען; איינהאלטען, האלטען אין צוים.

repress'er *n.* (רי-פרעס'-ער) אן אונטערדריקער; איינער וואס האלט איין אדער האלט אין צוים.

repress'ible *a.* (רי-פרעס'-איבל) וואס קען אונטערדריקט ווערען אדער געהאלטען ווערען אין צוים.

repress'ibly *adv.* (רי-פרעס'-אי-בלי) אונטערדריקענדיג, איינהאלטענדיג, צוימענדיג.

repress'ing-machine' *n.* (רי-פרעס'-אינג-מע-שין') א מאשין צו פרעסען אדער אויסצודריקען ציעגעל; א שווערע פרעס צונויפצופרעסען וואטע.

repres'sion *n.* (רי-פרעש'-אן) א רעפרעסיע, אן אונטערדריקונג; דאס אונטערדריקען, דאס דערשטיקען [אן אויפשטאנד], דאס איינהאלטען, דאס האלטען אין צוים.

repress'ive *a.* (רי-פרעס'-איוו) אונטערדריקענד, איינהאלטענד.

repress'ively *adv.* (רי-פרעס'-איוו-לי) אויף אן אונטערדריקענדען שטייגער.

repress'ive meas'ures (רי-פרעס'-איוו מעזש'-אורז) רעפרעסיווע אדער אונטערדריקענדע מיטלען.

reprieve' *v. and n.* (רי-פריעוו') אבלעגען אויף א צייט די אויספיהרונג פון א פסק-דין [ווי ווענען טויט-שטראף]; ראטעווען פון געפאהר, בעפרייען אויף א צייט פון אן ערווארטעטער סכנה; דאס אבלעגען אויף א צייט די אויספיהרונג פון א געריכטליכען אורטייל; דאס בעפרייען זיך אויף א צייט פון א דראהענדער געפאהר; א צייטווייליגער אברוה.

rep'rimand *n. and v.* (רעפ'-רי-מענד) א רעפרימאנד, א פארווארף, א טאדעל; טאדלען, אויסזידלען, אנשרייען.

repriman'der *n.* (רעפ-רי-מענ'-דער) איינער וואס טאדעלט, בלאמירט אדער מוסר'ט.

reprint' *v. and n.* (רי-פרינט') איבערדרוקען; אן איבערדרוק, א נייע אויפלאגע [פון א בוך].

repri'sal *n.* (רי-פראי'-זעל) נעגען-גוואלט; דאס אבנעהמען צוריק מיט גוואלט עטוואס וואס איז אבגענומען געווארען מיט גוואלט; דאס צאהלען פאר גוואלט מיט גוואלט.

reprise' *n.* (רי-פראיז') א צוריקפערכאפטע שיף אדער פערמעגען [פון א שונא אין א מלחמה]; אין מוזיק — דאס וויעדערהאלען א מוזיקאלישען זאץ; א וויעדערהאלטער מוזיקאלישער זאץ; דאס אומקעהרען זיך צו דער אלטער טהעמא, דאס בענייען אדער אבפרישען אן אלטע מוזיקאלישע טהעמא; אין ארכיטעקטור — דאס איבערדרעהען א געזימס אין אן אינווענינסטען ווינקעל.

repri'ses *n.* (רי-פראי'-זעז) די אראבגענומענע יעהרליכע אבגאבען פון די הכנסות פון לאנד.

repri'zes *n.* (רי-פראי'-זעז) ז. *reprises*

reproach' *v. and n.* (רי-פראוטש') טאדלען, פארווארפען, בלאמירען; א טאדעל, א פארווארף; א שאנדע, א שמאך.

reproach'able *a.* (רי-פראוטש'-עבל) וואס פערדיענט געטאדעלט אדער בלאמירט צו ווערען.

reproach'ableness *n.* (רי-פראוטש'-עבל-נעס) דאס זיין ווערטה געטאדעלט אדער בלאמירט צו ווערען.

reproach'ably *adv.* (רי-פראוטש'-ע-בלי) אויף אן אופן וואס פערדיענט טאדעל, אויף א טאדעלסווערטהען אופן.

reproach'er *n.* (רי-פראוטש'-ער) א טאדלער.

reproach'ful *a.* (רי-פראוטש'-פול) בעליידיגענד; פול מיט טאדעל; שענדליך.

reproach'fully *adv.* (רי-פראוטש'-פול-אי) אויף א בעליידיגענדען אופן; מיט פארווארף; טאדלענדיג; שענדליך.

reproach'fulness *n.* (רי-פראוטש'-פול-נעס) טאדעלהאפטיגקייט; דאס זיין טאדעלהאפט; שענדליכקייט.

reproach'less *a.* (רי-פראוטש'-לעס) וואס מען קען איהם גאר ניט פארווארפען; טאדעללאז.

rep'robate *a., n. and v.* (רעפּ'-רא-בייט) זינדיג, מאראליש פערדארבען; א פערדארבענער מענש, אן אויסוואורף; טאדלען; פערווארפען, פערדאמען.

rep'robateness *n.* (רעפּ'-רא-בייט-נעס) פערדארבענהייט; פערדאמטקייט.

rep'robater *n.* (רעפּ'-רא-ביי-טער) א פערדאמער, א פערווארפער, א טאדלער.

reproba'tion *n.* (רעפּ-רא-ביי'-שאן) דאס פערדאמען; דאס טאדלען; פערדאמונג; דאס זיין פערדאמט; דאס זיין פערדאמט צו אייביגען גיהנם; דאס אבנעהמען דאס רעכט צו האבען אן אמט [אלס א שטראף אין מיליטער פאר פערנאכלעסיגען פליכטען].

reproba'tioner *n.* (רעפּ-רא-ביי'-שאנ-ער) איינער וואס גלויבט אין דער קאלוויניסטישער לעהרע, אז די ניט=אויסערוועהלטע וועלען זיין פערדאמט צו אייביגען גיהנם.

rep'robative *a.* (רעפּ'-רא-בע-טיוו) פערדאמענד.

rep'robatory *a.* (רעפּ'-רא-בע-טא-רי) ז. *reprobative*.

reproduce' *v.* (רי-פּרא-דיוס') רעפּראדוצירען, מאכען א קאפּיע; ווידער ערצייגען, ווידער ארויסבריינגען, ווידער געבעהרען, ווידער שאפען; ווידער צום פארשיין בריינגען.

reprodu'cer *n.* (רי-פּרא-דיו'-סער) א רעפּראדוצירער, א ווידער=ערצייגער, א ווידער=ארויסבריינגער, א ווידער=שאפער; די מעמבראנע פון א פאנאגראף וואס רעפּראדוצירט די שטימע.

reprodu'cible *a.* (רי-פּרא-דיו'-סיבל) וואס קען רעפּראדוצירט ווערען. ז. *reproduce*.

reproduc'tion *n.* (רי-פּרא-דאק'-שאן) דאס רעפּראדוצירען, דאס ווידער=ערצייגען, דאס ווידער=ארויסבריינגען; דאס ווידער=אבוואקסען די צושטערטע טיילען פון אן ארגאניזם; די פארטפלאנצונג, די פרוכפערונג, דאס ארויסבריינגען נייע ארגאניזמען פון די עקזיסטירענדע; א רעפּראדוקציאן, א קאפּיע.

reproduc'tive *a.* (רי-פּרא-דאק'-טיוו) רעפּראדוצירענד; געבעהרענד, שאפענד, ערצייגענד.

reproduc'tive cells (רי-פּרא-דאק'-טיוו סעלז) די פארטפלאנצונגס=צעלען [די צעלען ביי פלאנצען פון וועלכע עס וואקסען ארויס נייע פלאנצען].

reproduc'tiveness *n.* (רי-פּרא-דאק'-טיוו-נעס) די אייגענשאפט, פעהיגקייט אדער נייגונג צו רעפּראדוצירען. ז. *reproduce*.

reproduc'tive or'gans (רי-פּרא-דאק'-טיוו אהר'-גענז) די געשלעכטס=ארגאנען.

reproduc'tory *a.* (רי-פּרא-דאק'-טא-רי) ז. *reproductive*.

repromul'gate *v.* (רי-פּרא-מאל'-גייט) ווידער פערעפענטליכען; ווידער בעקאנט מאכען.

repromulga'tion *n.* (רי-פּרא-מאל-גיי'-שאן) דאס פערעפענטליכען אדער בעקאנט מאכען פון דאס ניי.

reproof' *n.* (רי-פּרוהף') דאס טאדלען; א פארוואורף.

repro'vable *a.* (רי-פּרוה'-וועבל) טאדעלהאפט, וואס פערדיענט פארוואורף, וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען.

repro'vableness *n.* (רי-פּרוה'-וועבל-נעס) טאדעלהאפטיגקייט, דאס זיין ווערטה געטאדעלט צו ווערען.

repro'vably *adv.* (רי-פּרוה'-ווע-בלי) צום טאדלען.

repro'val *n.* (רי-פּרוה'-וועל) א טאדעל, א פארוואורף.

reprove' *v.* (רי-פּרוהוו') טאדלען, בלאמירען, פארווארפען.

repro'ver *n.* (רי-פּרוה'-ווער) א טאדלער; א בלאמירער; איינער וואס מאכט פארווירפע.

repro'ving *n.* (רי-פּרוה'-ווינג) טאדלונג; א פארוואורף.

repro'vingly *adv.* (רי-פּרוה'-ווינג-לי) טאדלענדיג, מאכענדיג פארווירפע.

reprune' *v.* (רי-פּרוהן') ווידער ארומשניידען [ווי די צווייגען פון בוימער]; ווידער ארומפוצען; ווידער פוצען [ווי א פויגעל די פעדערען].

reps *n.* (רעפּס) ריפּס [אזא שטאף וואס ווערט מייסטענס בענוצט פאר פרויען=קליידער].

rep'tant *a.* (רעפּ'-טענט) וואס קריכט [ווי א ווארים, א שלאנג א. ד. ג.].

repta'tion *n.* (רעפּ-טיי'-שאן) דאס קריכען אויף'ן בויך [ווי א ווארים, א שלאנג א. ד. ג.].

rep'tile *a. and n.* (רעפּ'-טיל) וואס קריכט; קריכעדיג; נידריג, געמיין; א רעפּטיל, א קריכענדע בעשעפעניש [ווי א ווארים, א שלאנג א. ד. ג.]; אן אמפיביע [א פיער=פיסיגע בעשעפעניש מיט קאלטען בלוט וואס לעבט אי אויף דער יבשה אי אין וואסער (ווי א פראש, א קראקאדיל, א שילדקראט א. ד. ג.)]; א קריכער, אן אונטערלעקער.

reptil'ia *n.* (רעפּ-טיל'-אי-א) פלעצער, וואו מען האלט רעפּטיליען. ז. *reptilium*.

Reptil'ia *n.* (רעפּ-טיל'-אי-א) די רעפּטיליען [דער קלאס אייער=לעגענדע ווירבעל=טהיערע וואס זייער בלוט איז קאלט און זייער הויט איז בעדעקט מיט שופּען, ווי קראקאדילען, שילדקראטען, שלאנגען א. ד. ג.].

reptil'ian *a. and n.* (רעפּ-טיל'-אי-ען) וואס איז שייך צו די רעפּטיליען; איינער פון די רעפּטיליען. ז. *Reptilia*.

reptilif'erous *a.* (רעפּ-טי-ליפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט א קערפּער=טייל פון רעפּטיליען [ווי למשל, אין פעלזען].

rep'tiliform *a.* (רעפּ'-טיל-אי-פארם) וואס האט די פארם אדער דעם קערפּער=געבוי פון א רעפּטיל.

reptil'ious *a.* (רעפּ-טיל'-אי-אס) עהנליך צו א רעפּטיל.

reptil'ium *n.* (רעפּ-טיל'-אי-אם) א פלאץ, וואו מען האלט רעפּטיליען.

reptiliv'orous *a.* (רעפּ-טי-ליוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט רעפּטיליען [ווי פויגעל, למשל].

repub'lic *n.* (רי-פּאב'-ליק) א רעפּובליק; א רעפּובליקאנישע רעגיערונגס=ארדנונג [וואו דער רעגיערער אדער די רעגיערער ווערען געוועהלט פון פאלק].

repub'lican *n. and a.* (רי-פּאב'-לי-קען) א רעפּובליקאנער, אן אנהענגער פון א רעפּובליקאנישער רעגיערונגס=ארדנונג; א פויגעל וואס לעבט אין געזעלשאפטען; רעפּובליקאניש; וואס לעבען אין געזעלשאפטען [וועגען פויגלען].

Repub'lican *n. and a.* (רי-פּאב'-לי-קען) א רעפּובליקאנער, א מיטגליעד פון דער רעפּובליקאנער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; וואס געהערט אדער איז גענייגט צו דער רעפּובליקאנער פארטיי.

repub'lican cal'endar (רי-פּאב'-לי-קען קעל'-ענ-דאר) דער רעפּובליקאנישער קאלענדאר [דער קאלענדאר וואס איז פאר א קורצער צייט איינגעפיהרט געווארען אין פראנקרייך אין יאהר 1793 אין דער צייט פון דער ערשטער רעוואלוציאן. לויט דיעזען קאלענדאר זיינען די חדשים אלע גלייך בעשטאנען פון 30 טעג און צום ענדע יאהר זיינען צוגעלעגט געווארען 5 אדער 6 טעג. די אלטע נעמען פון די חדשים זיינען אבגעשאפט געווארען און נייע זיינען איינגעפיהרט געווארען. די חדשים זיינען איינגעטיילט אין דריי טיילען, צו צעהן טעג אין יעדען].

repub'lican e'ra (רי-פּאב'-לי-קען אי'-רא) די רעפּובליקאנישע ערא [די צייטרעכנונג פון דער פראנצויזישער רעפּובליק, וועלכע איז איינגעפיהרט געווארען דורך דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציאן דעם 22טען סעפּטעמבער 1792].

repub'licanise *v.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איז) ז. *republicanize*.

repub'licanism *n.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איזם) רעפּובליקאניזם, רעפּובליקאנישע פּרינציפּען; די רעפּובליקאנישע רעגיערונגס=סיסטעם; איבערגעבענהייט צו רעפּובליקאנישע פּרינציפּען אדער צו דער רעפּובליקאנישער רעגיערונגס=סיסטעם.

Repub'licanism *n.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איזם) די פּרינציפּען פון דער רעפּובליקאנער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

repub'licanize *v.* (רי-פּאב'-לי-קענ-איז) מאכען רעפּובליקאניש; מאכען פאר א רעפּובליק; מאכען פאר א רעפּובליקאנער.

repub'lican par'ty (רי-פּאב'-לי-קען פאר'-טי) א רעפּובליקאנישע פארטיי [א פארטיי וואס וויל איינפיהרען אדער אנהאלטען א רעפּובליקאנישע רעגיערונגס=פארם].

Repub'lican par'ty (רי-פּאב'-לי-קען פאר'-טי) די רעפּובליקאנער פארטיי אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1854 און וועלכע האט זיך דאן געשטעלט אלס ציעל ניט צו דערלאזען די פערשפּרייטונג פון דער נעגער=שקלאפעריי אין די טעריטאריעס.

republica'tion *n.* (רי-פּאב-לי-קיי'-שאן) די ווידער=ארויסגאבע [פון א ווערק], א נייע אויפלאגע; דאס איבערדרוקען; א נאכאמאליגע בעקאנטמאכונג.

repub'lish *v.* (רי-פּאב'-ליש) ארויסגעבען [א ווערק] פון דאס ניי; איבערדרוקען; ווידער בעקאנט מאכען.

repub'lisher *n.* (רי-פּאב'-ליש-ער) איינער וואס גיט ארויס נאך אמאל א ווערק; אן איבערדרוקער.

repu'diable *a.* (רי-פּיו'-די-עבל) וואס קען פערווארפען אדער פערשטויסען ווערען.

repu'diate *v.* (רי-פּיו'-די-אייט) פערווארפען, פערשטויסען; זיך שיידען [מיט א פרוי], אב'גט'ען; אבזאגען, צוריקווייזען; ניט אנערקענען א חוב, זיך אבזאגען צו צאהלען א חוב.

repudia'tion *n.* (רי-פּיו-די-איי'-שאן) דאס פערווארפען אדער צוריקווייזען;

דאס פערשטויסען; דאס פערשטויסען ווערען; דאס אב'גט'ען א פרוי; דאס ניט אנערקענען אדער דאס אבזאגען זיך צו בעצאהלען א חוב [בעזאנדערס די ניט אנערקענונג פון א חוב פון דעם שטאאט אדער פון א שטאדט־רעגיערונג].

repudia'tionist *n.* (רי–פיו–די–איי'–שאן–איסט) איינער וואס ראטה דעם שטאאט אדער דער שטאדט־רעגיערונג ניט צו אנערקענען געוויסע חובות.

repu'diator *n.* (רי–פיו'–די–איי–טאר) איינער וואס ענטזאגט אדער ווייזט צוריק; איינער וואס אנערקענט ניט אז דער שטאאט איז מחויב צו צאהלען זיינע חובות; איינער וואס אנערקענט ניט די חובות פון זיין פארגענגער אין אמט.

repugn' *v.* (רי–פיון') זיין דאגעגען; געבען א ווידערשטאנד, קעמפפען געגען.

repug'nance *n.* (רי–פאג'–נענס) ווידערווילען, אבנייגונג; א ווידערשפרוך, א סתירה.

repug'nancy *n.* (רי–פאג'–נען–סי) א ווידערשפרוך, א סתירה.

repug'nant *a.* (רי–פאג'–נענט) זייענדיג דאגעגען, זייענדיג אין דער אפּאזיציע; שטרייטענד געגען; געבענדיג א ווידערשטאנד; עקלהאפט; וואס איז אין ווידערשפרוך, וואס איז א סתירה.

repug'nantly *adv.* (רי–פאג'–נענט–לי) אין געגענזאץ; מיט געגנערשאפט; זייענדיג דאגעגען.

repug'natorial *a.* (רי–פאג'–נע–טא–רי–על) וואס גיט א ווידערשטאנד.

repul'lulate *v.* (רי–פאל'–יו–לייט) זיך ווידער פאנאנדערוואקסען.

repullula'tion *n.* (רי–פאל–יו–ליי'–שאן) דאס ווידער פאנאנדערוואקסען זיך; דאס ווידער אויסוואקסען [ווענגן א קראנקהאפטען געוויקס אויף'ן קערפער].

repulse' *v. and n.* (רי–פאלס') 1. אבשלאגען, צוריקשלאגען, צוריקשטויסען, צוריקטרייבען; 2. אבזאגען, צוריקווייזען; 3. דאס צוריקשטויסען אדער צוריקטרייבען; 4. דאס ווערען צוריקגעשטויסען אדער צוריקגעטריבען; אן אבזאג; אן ענטזאגונג.
1. The army **repulsed** the attack of the enemy. 2. The girl **repulsed** his advances.

repul'ser *n.* (רי–פאל'–סער) א צוריקשטויסער, א צוריקטרייבער.

repul'sion *n.* (רי–פאל'–שאן) צוריקטרייבונג, צוריקשטויסונג; דאס ווערען צוריקגעטריבען אדער צוריקגעשטויסען; ווידערווילען, עקעל, אבשטויסונג.

repul'sive *a.* (רי–פאל'–סיוו) צוריקשטויסענד; וואס טרייבט צוריק; אבשטויסענד, וואס רופט ארויס עקעל אדער ווידערווילען.
The features of the black race are often **repulsive** to the white race.

repul'sively *adv.* (רי–פאל'–סיוו–לי) צוריקשטויסענדיג, צוריקטרייבענדיג; ארויסרופענדיג עקעל אדער ווידערווילען.

repul'siveness *n.* (רי–פאל'–סיוו–נעס) דאס זיין אבשטויסענד אדער עקלדיג.

repul'sive pow'er (רי–פאל'–סיוו פאו–ער) אבשטויסונגס־קראפט [די קראפט וואס שטויסט אב איין קערפער פון דעם אנדערען].

repur'chase *v. and n.* (רי–פויר'–טשעס) ווידער קויפען, צוריק קויפען; דאס צוריק־אבקויפען; דאס ווידער קויפען.

repurge' *v.* (רי–פוירדזש') ווידער רייניגען.

repu'rify *v.* (רי–פיו'–רי–פאי) ווידער לייטערען, ווידער רייניגען.

rep'utable *a.* (רעפ'–יו–טעבל) וואס האט א גוטע רעפּוטאציע אדער א גוטען נאמען, וואס ווערט געאכטעט; אנשטענדיג, עהרבאר.

rep'utableness *n.* (רעפ'–יו–טעבל–נעס) עהרענהאפטיגקייט, א גוטער נאמען; אנשטענדיגקייט, עהרבארקייט.

rep'utably *adv.* (רעפ'–יו–טע–בלי) אויף אן עהרענהאפטען, אנשטענדיגען שטייגער.

reputa'tion *n.* (רעפ–יו–טיי'–שאן) א רעפּוטאציע; א גוטער נאמען; אנזעהן, בעריהמטהייט.

repute' *v. and n.* (רי–פיוט') 1. שעצען, האלטען הויך; 2. רעכנען, האלטען פאר...; 3. א רעפּוטאציע, א נאמען; א גוטער נאמען; אכטונג; 4 אן אנגענומענע מיינונג.
2. He is **reputed** a wealthy man. 3. Only men of good **repute** should be elected to public office. 4. He is considered a rascal according to common **repute**.

repu'ted *a.* (רי פיו'–טעד) געאכטעט, געשעצט; הויך געשעצט; אנגענומען; גערעכענט אדער געהאלטען פאר...

repu'tedly *adv.* (רי–פיו'–טעד–לי) לויט דער אנגענומענער מיינונג.

repute'less *a.* (רי–פיוט'–לעס) וואס האט ניט קיין גוטע רעפּוטאציע, וואס האט ניט קיין גוטען נאמען; אונאנשטענדיג.

request' *v. and n.* (רי–קהוועסט') בעטען; פערלאנגען; בעגעהרען; א בעגעהר; א ביטע; א פערלאנג; א נאכפראגע.

reques'ter *n.* (רי–קהוועס'–טער) א בעטער; א ביטע־שטעלער.

request'-pro'gram *n.* (רי–קהוועסט'–פּראָ'–גרעם) א מוזיקאלישעס פּראגראם וואס איז צוזאמענגעשטעלט לויט דעם פערלאנג פון פערזאמעלטען פובליקום.

requick'en *v.* (רי–קהוויק'ן) ווידער בעלעבען, ווידער לעבעדיג מאכען.

re'quiem *n.* (רי'–קהווי–עם) די זעעלען־מעסע [די תפלה אדער הזכרת נשמות וואס די קאטוילישע קירך פראוועט נאך א טויטען]; די מוזיק פון א זעעלען־מעסע; א הימן אדער א מוזיקאלישעס געטעסדיענסט נאך א טויטען.

re'quiem-mass *n.* (רי'–קהווי–עם–מעס) א זעעלען־מעסע. ז. *requiem*.

requies'cat in pa'ce (רעק–הווי–עס'–קעט אין פיי'–סי) זאל ער רוהען אין פריעדען [א געוויסע קריסטליכע תפלה נאך א טויטען, געברויכט אויך אלס אויפשריפט אויף מצבות].

requies'cence *n.* (רעק–הווי–עס'–ענס) רוהע, אברוה.

requir'able *a.* (רי–קהוואיר'–עבל) וואס פאדערט זיך; פערלאנגט, נויטיג.

require' *v.* (רי–קהוואיר') פאדערען, פערלאנגען; בעגעהרען; הייסען; בעטען; נויטיגען זיך, בעדארפען.

require'ment *n.* (רי–קהוואיר'–מענט) א פאדערונג; א פערלאנג; א בעדארף, א בעדערפניש; א נויטיגע בעדינגונג.

requir'er *n.* (רי–קהוואיר'–ער) א פערלאנגער, א פאדערער.

requir'ing *n.* (רי–קהוואיר'–אינג) א פערלאנג, א פאדערונג, א בעדערפניש, א נויטווענדיגקייט.

req'uisite *a. and n.* (רעק'–הווי–זיט) נויטווענדיג, וואס איז דורכאויס נויטיג; א נויטיגע אייגענשאפט אדער בעדינגונג; א נויטווענדיגקייט.

req'uisitely *adv.* (רעק'–הווי–זיט–לי) נויטווענדיג, דורכאויס נויטיג.

req'uisiteness *n.* (רעק'–הווי–זיט–נעס) נויטווענדיגקייט, דאס זיין דורכאויס נויטיג.

requisi'tion *n. and v.* (רעק–הווי–זיש'–אן) דאס פאדערען, דאס פערלאנגען; א ביטע; א פאדערונג; א פערלאנג; די פאדערונג פון איין שטאאט, אז דער אנדערער שטאאט זאל ארויסגעבען אן אנטלאפענעם פערברעכער; אן אפיציעלע פאדערונג, אז די בעפעלקערונג זאל צושטעלען די נויטיגע לעבענס־פּראדוקטען פאר דער ארמעע אדער פלאטע; די קאנפיסקאציע פון די נויטיגע לעבענס־פּראדוקטען דורך א פיינדליכער ארמעע; א געשריבענע איינלאדונג; א פאדערונג, אז א חוב זאל בעצאהלט ווערען; פערלאנגען, פאדערען; פאדערען פון א געמיינדע צוצושטעלען לעבענס־מיטעל פאר דער ארמעע.

requis'itive *a. and n.* (רי–קהוויז'–אי–טיוו) פאדערענד, נאכזוכענד, פערלאנגענד; איינער וואס דריקט אויס א פערלאנג.

requis'itor *n.* (רי–קהוויז'–אי–טאר) איינער וואס שטעלט א פאדערונג; איינער וואס דריקט אויס א פערלאנג; איינער וואס איז בעפאלמעכטיגט דורך א פערלאנג צו מאכען אן אונטערזוכונג פון פאקטען.

requis'itory *a.* (רי–קהוויז'–אי–טא–רי) וואס פערלאנגט, וואס פאדערט.

requisi'tum *n.* (רעק–הווי–סאי'–טאם) א נויטיגע בעדינגונג פאר א פּראבלעמע.

requi'table *a.* (רי–קהוואי'–טעבל) וואס קען בעלוינט ווערען [מיט גוטעס פאר גוטעס און מיט שלעכטעס פאר שלעכטעס]; וואס קען בעצאהלט ווערען מדה כנגד מדה.

requi'tal *n.* (רי–קהוואי'–טעל) בעלוינונג, פערגעלטונג [מיט גוטעס פאר גוטעס און מיט שלעכטעס פאר שלעכטעס]; דאס בעצאהלען מדה כנגד מדה.

requite' *v.* (רי–קהוואיט') בעלוינען, פערגעלטען [פאר גוטעס מיט גוטעס און פאר שלעכטעס מיט שלעכטעס], צאהלען מדה כנגד מדה.

rerail' *v.* (רי–רייל') צוריק ארויפשטעלען אויף די רעלסען [שינעס].

reread' *v.* (רי–ריעד') ווידער אמאל לעזען, איבערלעזען נאך אמאל.

rere'brace *n.* (ריער'–בריים) דער טהייל פון א פאנצער וואס בעדעקט דעם ארם פון דער פלייצע [אקסעל] ביז צום עלענבויגען.

rere'dos *n.* (ריער'–דאס) דער אלטאר־רוקען [א ווענטעל אדער א דעקארירטער וואנד־טהייל הינטער אן אלטאר אין א קירך]; דאס הינטער־ווענטעל פון א פייער־הערד; דאס רוקען־שטיק פון א פאנצער.

rerefine' *v.* (רי–רי–פאין') ווידער ראפינירען, ווידער לייטערען.

rereflect' *v.* (רי–רי–פלעקט') ווידער רעפלעקטירען, ווידער צוריקווארפען אדער צוריקשטראהלען; ווידער בעטראכטען, ווידער איבערלעגען זיך.

rereign' *v.* (רי–ריין') ווידער רעגירען.

rere'mouse *n.* (ריער'–מאוס) א פלעדער־מויז.

reresolve' *v.* (רי–רי–זאלוו') ווידער בעשליסען.

rerise' *v.* (רי–ראיז') ווידער אויפהויבען זיך.

resail' *v.* (רי–סייל') צוריקזעגלען, צוריקפאהרען.

resale' *n.* (רי–סייל') א ווידער־פערקויף, א פערקויף פון דער צווייטער האנד.

resaluta'tion *n.* (רי–סעל–יו–טיי'–שאן) א געגען־גרוס.

resalute′ *v.* (רי-סע-ליוט׳) ווידער אמאל בעגריסען; ענטפערען אויף א גרוס.

rescind′ *v.* (רי-סינד׳) ערקלערען פאר אונגילטיג, צוריקרופען, אבשאפען; אב־שניידען.

Finding that he had made a bad bargain he attempted to **rescind** the contract.

rescin′dable *a.* (רי-סינ׳-דעבל) וואס קען ערקלערט ווערען פאר אונגילטיג, וואס קען אבגעשאפט ווערען.

rescind′ment *n.* (רי-סינד׳-מענט) .ז *rescission*

rescis′sion *n.* (רי-סיזש׳-ען) דיא אב־שאפונג; דאס ערקלערען פאר אונגילטיג.

rescis′sory *a.* (רי-סיס׳-א-רי) וואס האט די מאכט אבצושאפען, וואס שאפט אב, וואס מאכט אונגילטיג.

rescoun′ter *n. and v.* (רעס-קאונ׳-טער) א געגענזייטיגע אויסגלייכונג פון קאמער־ציעלע חשבונות אדער תביעות; דער אויס־גלייכס־טאג אויף דער בערזע; געגענזיי־טיג אויסגלייכען די פאסטען אין די נע־שעפטס־ביכער.

rescribe′ *v.* (רי-סקראיב׳) ענטפערען, צוריקשרייבען; איבערשרייבען, שרייבען פון דאס ניי.

re′script *n.* (רי׳-סקריפט) א רעסקריפט [א געשריבענער ענטפער פון א קייזער אדער פאפסט אלס אן ענטשיידונג אויף געוויסע רעכטס־פראגען]; אן עדיקט, א קייזערליכער בעפעהל; א דופליקאט, א קאפיע [פון א שריפט].

rescrip′tion *n.* (רי-סקריפ׳-שאן) דאס ענטפערען אויף א בריעף, דאס צוריק־שרייבען; אן ענטפער אויף א בריעף.

rescrip′tive *a.* (רי-סקריפ׳-טיוו) וואס איז שייך צו א רעסקריפט, וואס האט דעם כאראקטער פון א רעסקריפט [.ז *rescript*]; ענטשיידענד.

res′cuable *a.* (רעס׳-קיו-עבל) וואס קען בעפרייט ווערען.

res′cue *v. and n.* (רעס׳-קיו) רעטען, בעפרייען; ווידער בעקומען; רעטונג, בעפרייאונג; דאס צוריק־בעקומען; אן אונגעזעצליכע בעפרייאונג, בענוצענדיג געוואלט.

res′cuer *n.* (רעס׳-קיו-ער) א בעפרייער; איינער וואס ראטעוועט.

rescussee′ *n.* (רעס-קא-סיע׳) דער ארעס־טירטער, וועלכען מען בעפרייט מיט געוואלט.

rescus′sor *n.* (רעס-קאס׳-אר) איינער וואס בעפרייט אן ארעסטירטען מיט געוואלט.

research′ *n. and v.* (רי-סירטש׳) א פארשונג, אן אונטערזוכונג; א וויסענ־שאפטליכע אויספארשונג וועגען עפעס; ווידער נאכפארשען, מאכען א צווייטע אונטערזוכונג.

resear′cher *n.* (רי-סיר׳-טשער) א פארשער; איינער וואס מאכט אונטערזו־כונגען.

research′ful *a.* (רי-סירטש׳-פול) מיט פארשונגס־אייפריגקייט; וואס אונטערזוכט אדער פארשט אויס פלייסיג.

reseat′ *v.* (רי-סיעט׳) ווידער זעצען; ווידער איינשטעלען נייע בענק.

resect′ *v.* (רי-סעקט׳) אבשניידען.

resec′tion *n.* (רי-סעק׳-שאן) אין כי־רורגיע — די רעזעקציאן, דאס אויסשניי־דען א טייל פון אן ארגאן [בעזונדערס א ביין].

Rese′da *n.* (רי-סי׳-דא) די רעזעדא־בלומען. .ז *mignonette*

rese′da *n.* (רי-סי׳-דא) רעזעדא־פארב, א גרוי־גרינער קאליר.

reseek′ *v.* (רי-סיעק׳) ווידער זוכען.

reseize′ *v.* (רי-סיעז׳) ווידער צונעה־מען; עפעס ווידער פערכאפען; צוריק נעהמען אין בעזיץ; בעקומען אין בעזיץ.

resei′zer *n.* (רי-סיע׳-זער) א פערכא־פער, איינער וואס פערכאפט ווידער אין זיין בעזיץ.

resei′zure *n.* (רי-סיע׳-זשור) דאס פער־כאפען נאך אמאל.

resell′ *v.* (רי-סעל׳) ווידער פערקויפען.

resem′blance *n.* (רי-זעמ׳-בלענס) עהנ־ליכקייט; אן עהנליכקייט; עפעס וואס איז עהנליך; א פארטרעט.

resem′ble *v.* (רי-זעמ׳בל) זיין עהנ־ליך, זיין גלייך; צוגלייכען, פערגלייכען.

resem′bler *n.* (רי-זעמ׳-בלער) א גליי־כער; איינער אדער עטוואס וואס איז עהנ־ליך צו אימעצען• אדער עפעס.

resem′bling *a.* (רי-זעמ׳-בלינג) עהנליך, גלייכארטיג, גלייכפערמיג.

resem′blingly *adv.* (רי-זעמ׳-בלינג-לי) אזוי, עס זאל זיין עהנליך; אויף א גלייכארטיגען אדער גלייכפערמיגען שטיי־גער.

resem′inate *v.* (רי-סעמ׳-אי-נייט) ווידער פאנאנדערזייהען; ווידער לאזען ארויסשפראצען; ווידער פראדוצירען.

resend′ *v.* (רי-סענד׳) ווידער שיקען; צוריקשיקען; אומקעהרען.

resent′ *v.* (רי-זענט׳) האבען פאראיבעל, זיין אין כעס אדער עמפערט [פון אן אונגערעכטיגקייט].

resent′er *n.* (רי-זענט׳-ער) דער וואס האט פאראיבעל; איינער וואס פיהלט שטארק א בעליידיגונג.

resent′ful *a.* (רי-זענט׳-פול) עמפפינד־ליך, וואס בעליידיגט זיך גיך, געניינט צום צארן, רייצבאר, אויפגערעגט.

resent′fully *adv.* (רי-זענט׳-פול-אי) מיט כעס, מיט פערדרוס; אויף אן אויפ־גערעגטען שטייגער.

resent′ive *a.* (רי-זענט׳-איוו) .ז *resentful*

resent′ment *n.* (רי-זענט׳-מענט) א טיעף געפיהל פון בעליידיגונג [פאר אן אונגערעכטיגקייט]; שטארקער פערדרוס, כעס, ערגערניס.

reserva′tion *n.* (רעז-ער-וויי׳-שאן) דאס רעזערווירען, דאס איינהאלטען עפעס אין זאפאס; די צוריקהאלטונג; דאס וואס ווערט איינגעהאלטען אין רעזערוו אדער זאפאס; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שטיק עפענטליכעס לאנד, וואס ווערט פערהאלטען פאר געוויי־סע צוועקען [ווי פאר שולען, פאר די אינ־דיאנער א. ד. ג.]; אין יוריספרודענץ — א פונקט אין א דאקומענט, דורך וועלכען איינער וואס גיט איבער לאנד לאזט אי־בער פאר זיך א געוויסען רעכט [ווי למשל, ווען איינער גיט איבער דעם אנדערען א פערמע און לאזט פאר זיך איבער דאס רעכט צו האבען א דורכגאנג דורך א פעלד פון דיעזער פערמע].

reser′vative *a.* (רי-זויר׳-ווע-טיוו) רעזערווירענד, איינהאלטענד, פערהיטענד.

reser′vatory *n.* (רי-זויר׳-ווע-טא-רי) דער פלאץ וואו זאכען ווערען געהאלטען.

reserve′ *v. and n.* (רי-זוירוו׳) אבשפא־רען, פערהיטען, לעגען אן א זייט, רעזער־ווירען, פערהאלטען: האלטען, איבערלא־זען פאר זיך; מאכען אן אויסנאהם; דאס וואס ווערט רעזערווירט אדער פערהיט אויף שפעטער; איינגעהאלטענקייט, פאר־זיכטיגקייט [אין אויסדריקען מיינונגען אדער געפיהלען]; אן אויסנאהם; א בע־דינגונג; א בעגרענצונג; א פערבאט; רע־זערוו [זאפאסנע סאלדאטען].

reserved′ *a.* (רי-זוירווד׳) פערהאלטען, ניט בענוצט, רעזערווירט; איינגעהאלטען, פארזיכטיג; שעמעוודיג; ניט אפענהער־ציג.

reser′vedly *adv.* (רי-זויר׳-ווע-ד-לי) אויף אן איינגעהאלטענעם, קאלטען, פאר־זיכטיגען אדער ניט אפענהערציגען שטיי־גער.

He speaks **reservedly**, but he speaks with sincerity.

reser′vedness *n.* (רי-זויר׳-וועד-נעס) איינגעהאלטענקייט, פארזיכטיגקייט, ניט־אפענהערציגקייט.

reser′vist *n.* (רי-זויר׳-וויסט) א רעזער־וויסט, א זאפאסנער סאלדאט.

res′ervoir *n. and v.* (רעז׳-ער-וואור) א רעזערוואואר, א באסיין אדער א כלי צו האלטען פליסיגקייטען אדער גאזען; בעזארגען מיט א רעזערוואואר; צוזאמענ־קלייבען אדער האלטען פליסיגקייטען אדער גאזען אין א רעזערוואואר.

reset′ *v. and n.* (רי-סעט׳) אויפזעצען נאך אמאל, ווידער זעצען, ווידער צוזא־מענשטעלען; אויפנעהמען און געבען אב־דאך א פערברעכער; דאס אויפזעצען נאך אמאל; דאס אויפנעהמען א פערברעכער; דאס בעהאלטען גע׳גנב׳עטע זאכען.

reset′ter *n.* (רי-סעט׳-ער) אין געזעצ־געבונג — איינער וואס נעהמט צו גע־גנב׳עטע זאכען; איינער וואס נעהמט אויף און גיט וואהנונג א פערברעכער; איינער וואס זעצט אדער שטעלט וויע־דער איין.

reset′tle *v.* (רי-סעט׳ל) ווידער איינ־ארדנען, ווידער אין ארדנונג ברענגען, ווידער בערוהיגען; ווידער איינשטעלען א גייסטליכען אין זיין אמט; ווידער אנגעשטעלט ווערען אלס גייסטליכער.

reset′tlement *n.* (רי-סעט׳ל-מענט) דאס ווידער איינארדנען, דאס ווידער איינשטעלען; א נייע איינשטעלונג אדער איינארדנונג.

reshape′ *v.* (רי-שייפ׳) ווידער אמאל פארמירען; צוגעבען א נייע פארם אדער געשטאלט.

reship′ *v.* (רי-שיפ׳) ווידער עקספע־דירען פער שיף, ווידער אמאל אבשיקען מיט א שיף; צוריקשיקען.

reship′ment *n.* (רי-שיפ׳-מענט) דאס ווידער אמאל עקספעדירען פער שיף; דאס צוריקשיקען.

reside′ *v.* (רי-זאיד׳) 1. וואהנען, רעזי־דירען, זיך אויפהאלטען; 2. זיין איינגע־בארען, געפינען זיך אין... [וועגען אן אייגנשאפט].

1. We shall **reside** in Paris.

res′idence *n.* (רעז׳-אי-דענס) דאס וואהנען, דאס אויפהאלטען זיך לאנג אויף אן ארט; א וואהנונג, א רעזידענץ, א וואהן־ארט; דאס זיין שטענדיג אויף׳ן פאסט [דאס געפינען זיך אויף׳ן ארט וואו עס פאדערט די פליכט אדער דאס אמט].

res′idency *n.* (רעז׳-אי-דענ-סי) א רעזידענץ, א וואהנונגס־ארט; אין אסט־אינדיען — דער אפיציעלער וואהנונגס־ארט פון דעם בעאמטען, וואס פערטרעט דעם וויצע־קעניג אין איינעם פון די וויכ־טיגסטע געריכטען.

res′ident *a. and n.* (רעז׳-אי-דענט) וואהנענד; וואס האלט זיך אויף לאנג אין א בעשטימטען ארט; וואס געפינט זיך אין

א געוויסען פלאץ דאס גאנצע יאהר, וואס וואנדערט ניט [וועגען פויגעל]; אן איינוואהנער; א רעזידענט, א דיפלאמאטישער פערטרעטער אין אן אויסלענדישען הויף; אין אסט-אינדיען — דער פערטרעטער פון ענגלישען וויצע-קעניג אין געריכט.

residen′tiary *a. and n.* (רעז-אי-דענ′-שיע-רי) וואהנענד; וואס איז פערפליכטעט צו וואהנען א געוויסע צייט אין א קאטעדראל-קירך [וועגען א גייסטליכען]; א גלח וואס איז פערבונדען מיט א געוויסער קירך; אן איינוואהנער.

res′identship *n.* (רעז′-אי-דענט-שיפ) די שטעלע אדער דאס אמט פון א רעזידענט אדער דיפלאמאטישען פערטרעטער אין אן אויסלענדישען הויף.

resi′der *n.* (רי-זאי′-דער) אן איינוואהנער, א תושב.

resid′ual *a. and n.* (רי-זידזש′-יו-על) וואס איז שייך צו א רעשט אדער דיפערענץ; וואס איז איבערגעבליבען, וואס בלייבט איבער; א רעשט; אין מאטעמאטיק — דער דיפערענץ.

resid′uary *a.* (רי-זידזש′-יו-ע-רי) וואס איז איבערגעבליבען; איבעריג; צוריקבלייבענד, נאכבלייבענד.

resid′uary estate′ (רי-זידזש′-יו-ע-רי עס-טייט′) דער טייל פון א ירושה, וואס בלייבט נאכדעם ווי מען האט אויסגעצאהלט אלע חובות און געמאכט אלע אנדערע אויסצאהלונגען [ווי נדבות א. ד. ג.] לויט דער צואה פון פערשטארבענעם.

resid′uary legatee′ (רי-זידזש′-יו-ע-רי לעג-ע-טיע′) דער יורש וואס בעקומט די גאנצע איבערגעבליבענע ירושה [נאכדעם ווי מען האט אויסגעצאהלט די חובות פון פערשטארבענעם און אויך די געלדער וואס ער האט פערזאגט אין זיין צואה צו אנדערע מענשען].

resid′uary prop′erty (רי-זידזש′-יו-ע-רי פראפ′-ער-טי) דער טייל ירושה, וואס בלייבט נאך'ן אבצאהלען אלע חובות פון'ם פערשטארבענעם און אויך אלע געלדער און אייגענטום וואס ער האט פערזאגט אין צואה צו אנדערע מענשען.

res′idue *n.* (רעז′-אי-דיו) דער רעשט, דאס איבערגעבליבענע; דער אבזאץ; דאס איבערגעבליבענע פערמעגען [נאך'ן אויסצאהלען אלע שולדען און לעגאטען פון'ם פערשטארבענעם].

resid′uum *n.* (רי-זידזש′-יו-אם) ז. *residue*.

resign′ *v.* (רי-סאין′) וויעדער אונטערצייכנען, וויעדער אונטער'חתמ'ענען זיך.

resign′ *v.* (רי-זאין′) רעזיגנירען, געהן אין דעמיסיע, אבזאגען זיך פון אמט; אויפגעבען, זיך ענטזאגען; זיך אונטערגעבען, זיך בויגען, אננעהמען פאר ליעב.

resigna′tion *n.* (רעז-איג-ניי′-שאן) רעזיגנאציאן, דאס אבזאגען זיך [פון אן אמט, פון א שטעלע, פון בעזיץ א. ד. ג.]; דאס פאר ליעב נעהמען, דאס אונטערווארפען זיך [הויפטזעכליך דעם שיקזאל].

resigned′ *a.* (רי-זאינד′) וואס ווארפט זיך אונטער [הויפטזעכליך דעם שיקזאל]; וואס בויגט זיך שטיל, אהן טענות [פאר'ן שיקזאל].

resignee′ *n.* (רי-זאי-ניע′) דער, וועמען מען טרעט עפעס אב.

resign′er *n.* (רי-זאינ′-ער) איינער וואס רעזיגנירט אדער זאגט זיך אב; דער וואס נעהמט עפעס אן פאר ליעב אדער גיט זיך אונטער.

resign′ment *n.* (רי-זאינ′-מענט) דאס רעזיגנירען, דאס אבזאגען זיך פון אמט.

resign′ of′fice (רי-זאין′ אפ′-אים) זיך אבזאגען פון אמט, רעזיגנירען.

resile′ *v.* (רי-זאיל′) אבשפרינגען צוריק; אבזאגען זיך פון עפעס; זיך צוריקציהען.

resil′ience *n.* (רי-זיל′-אי-ענס) ז. *resiliency*.

resil′iency *n.* (רי-זיל′-אי-ענ-סי) דאס צוריקשפרינגען, דאס אבשפרינגען [ווי פון אן עלאסטישען קערפער].

resil′ient *a.* (רי-זיל′-אי-ענט) וואס שפרינגט אב צוריק [ווי אן עלאסטישער קערפער].

res′in *n. and v.* (רעז′-אין) סמאלע אדער פעך-זאפט פון בוימער און אנדערע פלאנצען; רייבען, בעדעקען אדער בעגיסען מיט פעך-זאפט.

res′in-gland *n.* (רעז′-אינ-גלענד) אין באטאניק — א צעלע אדער א גרופע פון צעלען וואס ענטהאלטען אין זיך פעך-זאפט.

resinif′erous *a.* (רעז-אי-ניפ′-ע-ראס) פעכיג, פון וועלכע עס טריפט פעך-זאפט [וועגען געוויסע פלאנצען].

resinifica′tion *n.* (רעז-אי-ני-פי-קיי′-שאן) דאס פעכען, דאס בעשמירען אדער בעגיסען מיט פעך-זאפט.

res′iniform *a.* (רעז′-אי-ני-פארם) וואס האט די פארם אדער די אייגענשאפטען פון פעך-זאפט.

res′inify *v.* (רעז′-אי-ני-פאי) מאכען פעכיג; ווערען פעכיג.

res′inize *v.* (רעז′-אי-נאיז) רייבען אדער אנשמירען מיט פעך-זאפט.

res′inoid *a. and n.* (רעז′-אי-נאיד) פעכיג, עהנליך צו פעך-זאפט; א פעכיגע זאך.

res′inous *a.* (רעז′-אי-נאס) פעכיג; וואס איז שייך צו פעך-זאפט.

res′inousness *n.* (רעז′-אי-נאס-נעס) פעכיגקייט, דאס זיין פעכיג.

res′iny *a.* (רעז′-אי-ני) פעכיג; וואס ענטהאלט אין זיך אדער וואס איז בעדעקט מיט פעך-זאפט.

resist′ *v. and n.* (רי-זיסט′) זיך געגענשטעלען; ווירקען דאגעגען; אויסשטעהן אדער אויסהאלטען [אן אטאקע]; ארויסווייזען א ווידערשטאנד; אין דער פאבריקאציאן פון ציץ אדער קאטון — א מין קלייי, וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף ציץ, כדי ניט צוצולאזען צו איהם א געוויסע פארב; א שטאף וואס פערהיט עפעס פון כעמישער ווירקונג.

resis′tance *n.* (רי-זיס′-טענס) דער ווידערשטאנד, דאס שטעלען זיך דאגעגען; אפאזיציאן, אנטאגאניזם; אין פיזיק — די ווידערשטאנדס-קראפט.

resis′tance-box *n.* (רי-זיס′-טענס-באקס) א ווידערשטאנדס-קאסטען [א קאסטען וואס ענטהאלט פערשיעדענע דראט-שפולען און ווערט בענוצט פאר דעם צוועק צו רעגולירען אן עלעקטרישען שטראם].

resis′tance-coil *n.* (רי-זיס′-טענס-קאיל) א ווידערשטאנדס-שפולע [א דראט-שפולע וואס ווערט בענוצט צו פערגרעסערען דעם ווידערשטאנד פון אן עלעקטרישען שטראם-קרייז].

resis′tant *a. and n.* (רי-זיס′-טענט) וואס גיט א ווידערשטאנד; וואס שטעלט זיך אנטקעגען; געגנעריש; איינער אדער עטוואס וואס צייגט ארויס א ווידערשטאנד; א שטאף וואס פערהיט פון כעמישער ווירקונג; אין דער פאבריקאציאן פון ציץ — א קלייי אויף דעם ציץ, וואס לאזט ניט צו א געוויסע פארב. ז. *resist*.

resis′tence *n.* (רי-זיס′-טענס) ז. *resistance*.

resis′tent *a.* (רי-זיס′-טענט) וואס גיט א ווידערשטאנד. ז. *resistant*.

resis′ter *n.* (רי-זיס′-טער) דער וואס גיט א ווידערשטאנד; דער וואס שטעלט זיך אנטקעגען.

resistibil′ity *n.* (רי-זיס-טי-ביל′-אי-טי) ווידערשטעהליכקייט.

resis′tible *a.* (רי-זיס′-טיבל) וואס מען קען זיך שטעלען געגען דעם; וואס מען קען ווידערשטעהן; ווידערשטעהליך.

resis′tibleness *n.* (רי-זיס′-טיבל-נעס) ז. *resistibility*.

resis′tibly *adv.* (רי-זיס′-טי-בלי) אזוי אז עס זאל מעגליך זיין א ווידערשטאנד; ווידערשטעהליך.

resis′tingly *adv.* (רי-זיס′-טינג-לי) מיט ווידערשטאנד; שטעלענדיג זיך אנטקעגען.

resis′tive *a.* (רי-זיס′-טיוו) וואס איז בכח צו שטעלען זיך אנטקעגען, וואס קען געבען א ווידערשטאנד.

resis′tively *adv.* (רי-זיס′-טיוו-לי) דורך א ווידערשטאנד; שטעלענדיג זיך אנטקעגען; ארויסווייזענדיג א ווידערשטאנד.

resistiv′ity *n.* (רי-זיס-טיוו′-אי-טי) די ווידערשטאנדס-פעהיגקייט.

resist′less *a.* (רי-זיסט′-לעס) אונווידערשטעהליך, וואס מען קען ניט ווידערשטעהן; וואס קען ניט בעווייזען קיין ווידערשטאנד; אונמעכטיג, הילפלאז.

resist′lessly *adv.* (רי-זיסט′-לעס-לי) ניט בייצוקומען; אויף אן אונווידערשטעהליכען אופן.

resist′lessness *n.* (רי-זיסט′-לעס-נעס) די אונווידערשטעהליכקייט; די אונמעגליכקייט צו געבען א ווידערשטאנד.

resist′-work *n.* (רי-זיסט′-הוואירק) דאס מאכען אוזארען אויף ציץ אדער קאטון מיט דער הילף פון ארויפגעלעגטען קלייי, וועלכע לאזט ניט צו צום ציץ געוויסע פארבען.

resmooth′ *v.* (רי-סמוהטה′) ווידער אויסגלעטען.

resold′er *v.* (רי-סאד′-ער) ווידער צונויפלייטען, ווידער פעראייניגען אדער גאנץ מאכען.

res′oluble *a.* (רעז′-א-ליובל) שמעלצבאר, וואס קען צושמאלצען אדער אויפגעלעזט ווערען.

res′olute *a.* (רעז′-א-ליוט) ענטשלאסען, פעסט.

res′olutely *adv.* (רעז′-א-ליוט-לי) מיט ענטשלאסענהייט, מיט פעסטקייט.

res′oluteness *n.* (רעז′-א-ליוט-נעס) די ענטשלאסענהייט, די פעסטקייט; פעסטער ענטשלוס.

resolu′tion *n.* (רעז-א-ליו′-שאן) לעזונג [פון שוועריגקייטען, פראבלעמען א. ז. וו.]; אויפלעזונג [פון א קאמפליצירטען כעמישען שטאף אין די בעשטאנדטיילען]; אננעהמונג פון א בעשלוס; אן ענטשלוס; ענטשלאסענהייט; א רעזאלוציאן; אין מעדיצין — בעזייטיגונג, פערשווינדונג [ווי פון א געשוועלעכץ].

resolu′tioner *n.* (רעז-א-ליו′-שאנ-ער) איינער וואס נעהמט אן א רעזאלוציאן; איינער וואס שטימט צו צו א רעזאלוציאן.

resolu′tionist *n.* (רעז-א-ליו′-שאנ-איסט) איינער וואס נעהמט אן א רעזאלוציאן.

res′olutive *a. and n.* (רעז′-א-ליו-

מיטל) וואס לאזט פאנאנדער, וואס לעזט אויף; א מיטעל נעגען געשווילעכץ.

res'olutory *a.* (רעז'-א-ליו-טא-רי) בעשליסנד, בעשטימענד; אויפלעזנד; אבשאפענד.

resolvabil'ity *n.* (רי-זאל-ווע-ביל'-אי-טי) אויפלעזבארקייט; לעזבארקייט, ערקלערליכקייט; דאס קענען פאנאנדערגעלאזן ווערן; דאס קענען פאנאנדערגענומען ווערן אויף די בעשטאנד־טיילען; דאס קענען אנאליזירט ווערן.

resol'vable *a.* (רי-זאל'-וועבל) לעזבאר; ערקלעריך; אויפלעזבאר; וואס קען פאנאנדערגעלעגט ווערען אויף בעשטאנד־טיילען; וואס קען צונעהן אדער צולאזען ווערען.

resol'vableness *n.* (רי-זאל'-וועבל-נעס) ז. ***resolvability***

resolve' *v. and n.* (רי-זאלוו') צולאזען, צושמעלצען; אויפלעזען; ווערען פאנאנדערגעלעגט אדער פאנאנדערלעגען אויף די בעשטאנד־טיילען; פאנאנדערטרייבען אדער אויפלעזען א געשווילעכץ; לעזען [א פראבלעם, א רעטעניש]; בעפרייען פון א פערלעגענהייט אדער שוועריגקייט; פערוואנדלען; בעשטימען; בעשליסען; אננעהמען א רעזאלוציאן אדער בעשלוס; א רעזאלוציאן, א בעשלוס, אן ענטשלוס; ענטשלאסענהייט.

resolved' *a.* (רי-זאלווד') ענטשלאסען; בעשלאסען.

resol'vedly *adv.* (רי-זאל'-וועד-לי) מיט ענטשלאסענהייט; אזוי אז אלע צווייפלען אדער שוועריגקייטען זאלען בעזייטיגט ווערען; צופריעדענשטעלענד.

resol'vedness *n.* (רי-זאל'-וועד-נעס) ענטשלאסענהייט.

resol'vent *a. and n.* (רי-זאל'-ווענט) אויפלעזענד, פאנאנדערלאזענד; אן אויפלעזונגס־מיטעל [א מיטעל צו מאכען עפעס זאל צוגעהן].

resol'ver *n.* (רי-זאל'-ווער) איינער וואס בעשטימט, בעשליסט אדער נעהמט אן אן ענטשלוס; איינער וואס לעזט [א פראבלעם, א רעטעניש א. ז. וו.]; איינער וואס לעזט אויף, לאזט פאנאנדער אדער לעגט פאנאנדער אויף די בעשטאנד־טיילען; איינער וואס בעפרייט פון פערלעגענהייטען, שוועריגקייטען, צווייפעל א. ז. וו.

res'onance *n.* (רעז'-א-נענס) רעזאנאנץ, די פערלענגערונג אדער פערשטארקונג פון א קלאנג דורך דעם מיטקלאנג פון אנדערע קערפער וואס ווערט אין זיי ארויסגערופען [ווי דער קלאנג פון א סטרונע ווערט פערשטארקט און פערלענגערט דורך דעם מיטקלאנג פון דעם האלץ פון פידעל]; א מיטקלאנג; א ווידערקלאנג, אן אבקלאנג, א נאכקלאנג, אן עכא, א ווידערקול; אין מעדיצין — דער קלאנג וואס הערט זיך פון דער ברוסט בעת מען רעדט.

res'onance-box *n.* (רעז'-א-נענס-באקס) דער רעזאנאנץ־קאסטען [א פערטיפונג אדער אויסהוילונג פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט, וואס פערשטארקט דעם קלאנג].

res'onant *a. and n.* (רעז'-א-נענט) וואס האט א רעזאנאנץ, וואס האט א מיטקלאנג; אבקלינגענד, וואס האט אן אבקלאנג; וואס ווערט ארויסגערעדט דורך דער נאז; א נאז־קלאנג.

res'onantly *adv.* (רעז'-א-נענט-לי) מיט רעזאנאנץ; מיט אן אבקלאנג אדער נאכקלאנג.

res'onate *v.* (רעז'-א-נייט) אבקלינגען, האבען א רעזאנאנץ.

res'onator *n.* (רעז'-א-ניי-טאר) עטוואס וואס קלינגט אב; א רעזאנאטאר [אן אקוסטישער אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צו אנאליזירען קלאנגען]; א פארריכטונג צו א קלאוויר צו בעפרייען די קלאוויר־קלאנגען פון קרייצונגס־וויבראציאנען; אן עלעקטרישער אינסטרומענט וואס דיענט אויסצוגעפינען אויב עס איז פאראן וואו עס איז עלעקטרישער רעזאנאנץ [ד. ה. אויב עס זיינען ניטא קיין עלעקטרישע אויסשטראהלונגען פון א נאהנטען שטראם־קרייז].

resorb' *v.* (רי-סאהרב') צוריק אין זיך איינזויגען, אריינגעהמען אדער פערשלינגען.

resor'bent *a.* (רי-סאהר'-בענט) וואס זויגט אין זיך צוריק איין, וואס נעהמט אין זיך צוריק אריין, וואס פערשלינגט צוריק.

resorp'tion *n.* (רי-סאהרפ'-שאן) דאס צוריק־איינזויגען, דאס אריינגעהמען אין זיך אדער פערשלינגען.

resorp'tive *a.* (רי-סאהרפ'-טיוו) צוריק איינזויגענד, וואס איז שייך צו צוריק־איינזויגונג אדער צוריק־פערשלינגונג; וואס קומט פון צוריק־איינזויגונג.

resorp'tive fe'ver (רי-סאהרפ'-טיוו פיע'-ווער) א פיבער, וואס קומט דערפון, וואס דער קערפער זויגט צוריק איין גיפטיגע שטאפען, וועלכע ער טיילט אויס פון זיך.

resort' *v. and n.* (רי-זאהרט') 1. געהן, בעזוכען; 2. זיך בעגעבען, זיך ווענדען; 3. דאס בעגעבען זיך; ווענדונג; 4. איינער אדער עטוואס צו וועמען אדער צו וואס מען ווענדעט זיך [נאך הילף, שוץ א. ז. וו.]; שטיצע, צופלוכט; 5. א פערזאמלונג; געזעלשאפט; 6. א פלאץ וואס ווערט אפט בעזוכט, א פערזאמלונגס־פלאץ.

1. I **resort** in this restaurant. 2. Unable to bear the violence any longer, the people **resorted** to revolt. 4. You are my only **resort**. 6. Coney Island is the favorite summer **resort** of New York's pleasure seekers.

resort' *v.* (רי-סאהרט') איבערזארטירען, ווידער זארטירען.

resort'er *n.* (רי-זאהרט'-ער) אן אפטער אריינגעהער אדער בעזוכער; איינער וואס ווענדעט זיך. ז. ***resort***

resound' *v.* (רי-סאונד') ווידערהאלען; קלינגען אדער ארויסברייננגען קלאנגען, נאכאנאנדער קלינגען אדער ארויסבריינגען קלאנגען.

The trumpet sounded and **resounded**.

resound' *v. and n.* (רי-זאונד') אבקלינגען, ארויסגעבען אדער האבען א ווידערקלאנג, צוריקקלינגען; הויך קלינגען; צוקלינגען אדער פאנאנדערשרייען אימעצענס שבחים; אן אבקלאנג, א ווידערקול, אן עכא.

resoun'der *n.* (רי-זאונ'-דער) איינער אדער עטוואס וואס קלינגט אב אדער בריינגט ארויס א ווידער־קלאנג.

resource' *n.* (רי-סאורס') 1. א הילפס־קוועלע, א הילפס־מיטעל; עטוואס צו וואס מען קען זיך ווענדען נאך הילף; 2. א מיטעל, וואס איז נאך ביז יעצט ניט בענוצט געווארען; 3. פעהיגקייט זיך אן עצה צו געבען אדער זיך צו העלפען.

1. There seems to be no **resource** for this trouble. 2. Oxygen was used as a last **resource** to save the patient.

resource'ful *a.* (רי-סאורס'-פול) וואס האט א סך רעסורסען, הילפס־קוועלען אדער הילפס־מיטלען; ערפינדעריש, וואס קען זיך אן עצה געבען.

resource'fulness *n.* (רי-סאורס'-פול-נעס) דאס האבען א סך רעסורסען, הילפס־קוועלען אדער הילפס־מיטלען; דאס זיין ערפינדעריש, דאס קענען זיך אן עצה געבען.

resource'less *a.* (רי-סאורס'-לעס) אהן רעסורסען, אהן הילפסמיטלען אדער הילפס־קוועלען; אהן אן אויסוועג.

resour'ces *n.* (רי-סאור'-סעז) 1. רעסורסען, געלד־מיטלען, הילפס־מיטלען; 2. אויסטהוועגען [זיך צו העלפען]; 3. פעהיגקייטען [זיך אן עצה צו געבען, זיך אויסצודרעהען]; 4. נאטירליכע רייכטהימער.

3. He is a man of many **resources**. 4. America is a land of inexhaustible **resources**.

resow' *v.* (רי-סאו') ווידער זייהען, נאך אמאל זייהען.

respeak' *v.* (רי-ספיק') ווידער רעדען, ווידער זאגען; ווידערהאלען; ענטפערען.

respect' *v. and n.* (רי-ספעקט') רעספעקטירען, אכטען, שעצען; האבען א שייכות, זיך בעציהען [אויף עפעס]; נעהמען אין אנבעטראכט, בעטראכטען, שענקען אויפמערקזאמקייט, אין זינען האבען; רעספעקט; אכטונג, שעצונג; דאס נעהמען אין אכט; אנבעטראכט; ריקזיכט; גוט־אכטונג, גנאד; פארטייליכקייט; נשיאות פנים; רעפוטאציע; מאטיוו, גרונד; הינזיכט; בעצוג, שייכות.

respectabil'ity *n.* (רי-ספעק-טע-ביל'-אי-טי) רעספעקטאבעליטעט, אכטונגס־ווירדיגקייט; רעספעקטאבעלע האלטונג; א רעספעקטאבעלער מענש, א מענש וואס פערדיענט אכטונג; דאס האלטען זיך שטרענג אן די אנגענומענע כללים פון אויפפיהרונג [אין פערעכטליכען זין].

respec'table *a.* (רי-ספעק'-טעבל) עהרווירדיג; וואס פערדיענט אכטונג; געאכטעט; אנשטענדיג, רעספעקטאבעל; וואס האט א גוטען נאמען; וואס האלט זיך אן די געוועהנליכע אנגענומענע כללים פון אויפפיהרונג [אין פערעכטליכען זין]; נישקשה'דיג, גאנץ פיין, גאנץ גוט.

respec'tableness *n.* (רי-ספעק'-טעבל-נעס) ז. ***respectability***

respec'tably *adv.* (רי-ספעק'-טע-בלי) מיט רעספעקט, מיט אכטונג; גאנץ נישקשה'דיג.

respect' a per'son (רי-ספעקט' ע פויר'-סאן) זיין פארטייאיש [צו גוטען אדער צו שלעכטען].

Thou shalt not **respect the person** of the poor, nor honor the person of the mighty.

respec'ter *n.* (רי-ספעק'-טער) איינער וואס איז פארטייאיש, איינער וואס איז נושא פָּנים.

He is no **respecter** of persons.

respect'ful *a.* (רי-ספעקט'-פול) אכטונגספול; מיט דרך ארץ; מיט רעספעקט; העפליך.

respect'fully *adv.* (רי-ספעקט'-פול-אי) מיט אכטונג, מיט רעספעקט, אכטונגספול.

respect'fulness *n.* (רי-ספעקט'-פול-נעס) דאס זיין פול מיט דרך ארץ, רעספעקט אדער אכטונג; העפליכקייט.

respec'ting *prep.* (רי-ספעק'-טינג) 1. נעהמענדיג אין אנבעטראכט; 2. אין בעצוג צו..., בנוגע צו...

2. I wrote you the other day **respecting** the plans I was to submit to you.

respec'tive *a.* (רי-ספעק'-טיוו) רעס־

פעקטיוו, אייגענער, בעזונדערער, וואס איז שייך צו יעדען בעזונדער.

The agreement was submitted to a referendum of the respective organizations.

respec'tively *adv.* (רי-ספעק'-טיוו-לי) רעספעקטיוו, אין בעצוג צו יעדען בעזונדער.

John, James and Charles are aged 7, 9 and 11 respectively.

respect'less *a.* (רי-ספעקט'-לעס) אהן אכטונג; אהן ריקזיכט, ניט נעהמענדיג אין אנבעטראכט.

respell' *v.* (רי-ספעל') אויסלעגען [א ווארט] נאך אמאל אדער אויף אן אנדער אופן.

respirabil'ity *n.* (רי-ספאיר-ע-ביל'-אי-טי) צוגעפאסטקייט צום איינאטעמען, דאס קענען איינגעאטעמט ווערען.

respir'able *a.* (רי-ספאיר'-עבל) וואס קען איינגעאטעמט ווערען.

respir'ableness *n.* (רי-ספאיר'-עבל-נעס) ז. *respirability*

respira'tion *n.* (רעס-פי-ריי'-שאן) אטעמונג, דאס אטעמען; דער גערויש אין די לונגען ביים אטעמען.

respira'tional *a.* (רעס-פי-ריי'-שאנ-על) ז. *respiratory*

respir'ative *a.* (רי-ספאיר'-ע-טיוו) וואס דיענט צום אטעמען.

res'pirator *n.* (רעס'-פי-ריי-טאר) א רעספיראטאר אדער לונגען-בעשיצער [א בעשיצונג אויף'ן מויל און אויף דער נאז צו פערהיטען די לונגען פון קאלטער לופט און פון שעדליכע שטאפען].

respir'atory *a.* (רי-ספאיר'-ע-טא-רי) וואס איז שייך אדער דיענט צום אטעמען.

respir'atory mur'mur (רי-ספאיר'-ע-טא-רי מויר'-מויר) ז. *respiratory sounds*

respir'atory sounds (רי-ספאיר'-ע-טא-רי סאונדז) דער גערויש אין די לונגען ביים אטעמען.

respire' *v.* (רי-ספאיר') אטעמען; איינאטעמען, אויסאטעמען.

respir'ing *n.* (רי-ספאיר'-אינג) אטעמונג; אן אטעם-צוג.

respirom'eter *n.* (רעס-פי-ראמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די אטעמונג; א מין אפאראט צו. בעזארגען מיט לופט א וואסער-טויכער.

res'pite *n.* and *v.* (רעס'-פיט) צייטווייליגע רוה, א פויזע, אן אבשטעל; אן אבשטעלונג, אן אטסראטשקע; א רעספירא [אבלעגונג, אטסראטשקע פון אן אבצאהלונג]; אן אבלעגונג פון דער אויספיהרונג פון אן אורטייל; אן אטסראטשקע פאר געריכטס-געשווארענע צו ערשיינען אין געריכט; אבלעגען; אבלעגען די אויספיהרונג פון א שטראף; געבען צייטווייליגע רוה אדער אברוה.

res'piteless *a.* (רעס'-פיט-לעס) אהן אברוה, אהן אן אבשטעל, אהן אבלענונג.

resplend' *v.* (רי-ספלענד') אבגלאנצען, גלאנצען.

resplend'ence *n,* (רי-ספלענד'-ענס) אן אבגלאנץ, א העלער גלאנץ.

resplend'ency *n.* (רי-ספלענד'-ענ-סי) ז. *resplendence*

resplend'ent *a.* (רי-ספלענד'-ענט) העל-גלענצענד.

resplend'ently *adv.* (רי-ספלענד'-ענט-לי) מיט אן אבגלאנץ.

respond' *v.* and *n.* (רי-ספאנד') ענטפערען; ענטשפרעכען, פאסען, צופאסען; פעראנטווארטליך זיין [פאר א שאדען, האנדלונג א. ד. ג.], בעצאהלען, בעפריעדיגען; א רעספאנסאריום [א קירכען-געזאנג וואס אונטערברעכט דאס לעזען א קאפיטעל פון דער ביבעל אין מיטען]; אין ארכיטעקטור — א וואנד-זייל, א האלב-זייל.

respon'dence *n.* (רי-ספאנ'-דענס) דאס ענטפערען; דאס זיין ענטשפרעכענד אדער צוגעפאסט.

respon'dency *n.* (רי-ספאנ'-דענ-סי) ז. *respondence*

respon'dent *a.* and *n.* (רי-ספאנ'-דענט) ענטפערענד; ענטשפרעכענד, צוגעפאסט, וואס איז לויט...; איינער וואס ענטפערט אין א וכוח [דיספוט] די אפאנענטען; איינער וואס דארף זיך פערענטפערען אויף א קלאגע, אן אנגעקלאגטער.

responden'tia *n.* (רעס-פאן-דען'-שי-א) א הלואה אויף די לאדונג פון א שיף, וואס ווערט געגעבען אלס משכון.

respon'der *n.* (רי-ספאנ'-דער) איינער וואס דארף זיך פערענטפערען אויף א קלאגע; אן אנגעקלאגטער.

respon'sal *n.* (רי-ספאנ'-סעל) אן ענטפער; א פסוק אדער א ווארט, מיט וועלכען דער כאר האלט אונטער דעם גלח ביי א קירכליכער גאטעסדיענסט.

response' *n.* (רי-ספאנס') אן ענטפער, א תשובה; אן ענטפער פון א אראקעל; א פסוק אדער ווארט, מיט וועלכען א קירכען-כאר ענטפערט אב דעם גלח.

responsibil'ity *n.* (רי-ספאנ-סי-ביל'-אי-טי) פעראנטווארטליכקייט; פערפליכטונג; צאהלונגס-פעהיגקייט.

respon'sible *a.* (רי-ספאנ'-סיבל) 1. פעראנטווארטליך; 2. צאהלונגס-פעהיג.

1. A rational person is **responsible** for his acts. 2. The goods were sold to a **responsible** firm.

respon'sibleness *n.* (רי-ספאנ'-סיבל-נעס) פעראנטווארטליכקייט.

respon'sibly *adv.* (רי-ספאנ'-סי-בלי) אויף א פעראנטווארטליכען אופן.

respon'sion *n.* (רי-ספאנ'-שאן) דאס ענטפערען; א בעאנטווארטונג.

respon'sive *a.* (רי-ספאנ'-סיוו) 1. ענטשפרעכענד, וואס איז אין איינקלאנג; 2. וואס ענטפערט, וואס רופט זיך אב; 3. ענטפערענד; וואס ענטהאלט אן ענטפער; אין יוריספרודענץ — וואס ענטהאלט אן ענטפער וואס איז צו דער זאך; וואס בעשטעהט פון ווערטער אדער פסוקים, מיט וועלכע א קירכען-כאר האלט אונטער דעם גלח [ווענען א קריסטליכער גאטעסדיענסט].

1. The orator's appeal met a **responsive** chord in the audience. 2. A good citizen is always **responsive** to the call of duty.

respon'sively *adv.* (רי-ספאנ'-סיוו-לי) אויף אן ענטשפרעכענדען אופן; זייענדיג אין איינקלאנג; ענטפערענדיג; ענטהאלטענדיג אן ענטפער.

respon'siveness *n.* (רי-ספאנ'-סיוו-נעס) דאס זיין ענטשפרעכענד, דאס זיין אין איינקלאנג.

responso'rium *n.* (רעס-פאן-סאו'-רי-אם) א פסאלם אדער פסוקים פון תהלים וואס ווערט געזונגען ביי א קאטוילישער מעסע [גאטעסדיענסט].

respon'sory *a.* and *n.* (רי-ספאנ'-סא-רי) וואס ענטהאלט אן ענטפער; א פסאלם אדער פסוקים פון תהלים וואס ווערט געזונגען ביי א קאטוילישער מעסע [א גאטעסדיענסט].

rest *v.* and *n.* (רעסט) אויסרוהען; זיין רוהיג; שלאפען; איינשלאפען דעם אייביגען שלאף, זיין טויט; ניט בעארבייט ווערען, בלייבען ניט בעארבייט [ווענען לאנד]; זיך שטיצען אדער אנלעהנען אויף עפעס; באזירען, זיך בעגרינדען; בלייבען; פערבלייבען; איבערבלייבען; בלייבען רוהיג; בלייבען צופריעדען; זיך פערלאזען אדער פערטרויען אויף עפעס אדער אימעצען; אין געריכטס-פיהרונג — ענדיגען אדער אויפהערען פארצובריינגען עדות; לאזען זיך אברוהען, געבען רוה; בערוהיגען; שטיצען; לאזען; פארלעגען אימיצענס א משפט; רוה; פריידען, שטילקייט; שלאף; טויט; א רוה-ארט; אן אבשטעל-ארט; דאס שטעהן בלייבען; א שטיצע, עטוואס אויף וואס מען שטיצט זיך אדער לעהנט זיך אן, עטוואס וואס דיענט אלס שטיצע; א שטיין-פונקט; א באזיס, א פונדאמענט; אן אבשטעל אין לעזען; אין מוזיק — א פויזע, א רוה-פונקט, א צייכען אין נאטען וואס צייגט אן א פויזע; דאס וואס בלייבט איבער; א רעשט; דאס איבעריגע; דער באלאנס אדער דער דיפערענץ פון א רעכנונג.

res'tant *a.* (רעס'-טענט) בלייבענד.

restate' *v.* (רי-סטייט') ווידער פארמולירען, נאך אמאל פעסטשטעלען; וויעדערהאלען.

He restated the charge.

restate'ment *n.* (רי-סטייט'-מענט) א ווידערהאלטע פארמולירונג אדער פעסטשטעלונג פון פאקטען אדער מיינונגען אין דערזעלבער אדער א נייער פארם.

res'taurant *n.* (רעס'-טא-רענט) א רעסטאראן, א גארקיך.

res'taurant-car *n.* (רעס'-טא-רענט-קאר) א האטעל-וואגאן, א שפייז-וואגאן.

restaurateur' *n.* (רעס-טאו-רע-טויר') א רעסטאראטאר, אן אייגענטימער פון א רעסטאראן.

rest'-cure *n.* (רעסט'-קיור) א רוה-קור [די בעהאנדלונג פון א קראנקהייט, ווי נערוועזיטעט למשל, דורך רוה].

restem' *v.* (רי-סטעם') צוריקטרייבען, טרייבען אנטקעגען דעם שטראם.

rester'ilize *v.* (רי-סטער'-איל-איז) נאך אמאל סטעריליזירען [צושטערען דורך א געוויסען פראצעס מיקראבען אדער באצילען].

rest'ful *a.* (רעסט'-פול) וואס גיט רוה; רוהיג; שטיל.

rest'fully *adv.* (רעסט'-פול-אי) אין א צושטאנד פון רוה; רוהיג, שטיל.

rest'fulness *n.* (רעסט'-פול-נעס) רוהיגקייט.

rest'-har'row *n.* (רעסט'-הער'-או) א זא שטעכיגער שטרויך [קוסט] וואס האט פערצווייגטע, הארטע און פערפלאכטענע ווארצלען, וועלכע שטערען דעם אקער-אייזען דורכצושניידען די ערד.

rest'house *n.* (רעסט'-האוס) א לעדיגעס איינפאהר-הויז אין אינדיען וואו רייזענדע שטעלען זיך אב אויף א קורצער צייט זיך אבצורוהען.

res'tiform *a.* (רעס'-טי-פארם) שנורפערמיג, ווי א שנירעל.

res'tily *adv.* (רעס'-טי-לי) אויף א הארטנעקיגען אופן; מיט עקשנות, מיט איינגעשפארטקייט.

res'ting-place *n.* (רעס'-טינג-פלייס) א רוה-פלאץ, א סטאנציע אויף'ן וועג; א טרעפען-אבזאץ [א רוה-פלאץ אויף די טרעפ פון א הויז]; דאס ארט פון אייביגער רוה, דער קבר.

res'ting-stage *n.* (רעס'-טינג-סטיידזש)

די רוהע-פעריאדע אין דעם וואוקס פון א פלאנצע.

restip'ulate *v.* (רי-סטיפ'-יו-לייט) ווידער מאכען בעדינגונגען, פון דאס ניי אבמאכען.

res'titute *v.* (רעס'-טי-טיוט) צוריקברייינגען צו דעם פריהערען צושטאנד.

restitu'tion *n.* (רעס-טי-טיו'-שאן) דאס אומקעהרען אדער בעצאהלען דעם שאדען; דאס אומקעהרען די פערלארענע רעכטע א. ד. ג.; דאס אומקעהרען צום פריהערען צושטאנד; אין פיזיק — די אייגענשאפט פון עלאסטישע קערפער צוריקצוקעהרען זיך צו זייער פריהעריגער פארם, נאכדעם ווי מען האט זיי צונויפגעפרעסט.

res'titutive *a.* (רעס'-טי-טיו-טיוו) צוריקקעהרענד צו דעם פריהעריגען צושטאנד.

res'titutor *n.* (רעס'-טי-טיו-טאר) א צוריקקעהרער; איינער וואס קעהרט צוריק אום צו דעם פריהריגען צושטאנד.

res'tive *a.* (רעס'-טיוו) 1. וואס וויל זיך ניט ריהרען פון ארט; 2. איינגעשפארט, איינגע'עקשנ'ט; 3. ווידערשפעניג; 4. אונרוהיג; 5. וואס וויל ניט איינשטעהן אויף אן ארט [וועגען א פערד].

2. The patient is very **restive** and refuses to take nourishment. 4. We are all apt to be **restive** under criticism. 5. The horses are very **restive** in this hot weather.

res'tively *adv.* (רעס'-טיוו-לי) אויף אן איינגע'עקשנ'טען אופן; ניט וועלענדיג זיך ריהרען פון ארט; ווידערשפעניג; ניט וועלענדיג איינשטעהן אויף אן ארט [וועגען א פערד].

res'tiveness *n.* (רעס'-טיוו-נעס) איינגעשפארטקייט, איינגע'עקשנ'טקייט, דאס ניט וועלען ריהרען זיך פון ארט; ווידערשפעניגקייט; דאס ניט וועלען איינשטעהן אויף אן ארט [וועגען א פערד].

rest'less *a.* (רעסט'-לעס) רוהלאז; שלאפלאז; וואס רוהט ניט, בעוועגליך, ריהרעוודיג; אונרוהיג; אונצופריעדען; וואס קען ניט איינרוהען אויף אן ארט.

rest'lessly *adv.* (רעסט'-לעס-לי) אויף אן אונרוהיגען אופן; רוהלאז.

rest'lessness *n.* (רעסט'-לעס-נעס) אונרוהיגקייט; שלאפלאזיגקייט.

restor'able *a.* (רי-סטאור'-עבל) וואס קען צוריקגעבראכט ווערען צו דעם פריהעריגען צושטאנד, וואס קען צוריק געמאכט ווערען ווי עס איז געווען פריהער.

restor'ableness *n.* (רי-סטאור'-עבל-נעס) דאס קענען צוריקגעבראכט ווערען צו דעם פריהריגען צושטאנד; דאס קענען בענייט ווערען.

Restora'tion *n.* (רעס-טא-ריי'-שאן) די רעסטאוראציאן, די צוריקקעהרונג פון אן ארבגעווארפענער דינאסטיע צו דער הערשאפט [אין ענגלאנד — די צוריקקעהרונג פון קארל דעם 2טען צו דער הערשאפט אין יאהר 1660 נאך קראמוועל'ס טויט. אין פראנקרייך — די צוריקקעהרונג פון דער בורבאנישער דינאסטיע צו דער הערשאפט אין יאהר 1814 נאך דער ענדגילטיגער נידערלאגע פון נאפאלעאן דעם 1טען]; די צוריקקעהרונג פון די אידען פון גלות בבל אין ארץ ישראל.

restora'tion *n.* (רעס-טא-ריי'-שאן) דאס צוריקקעהרען צו דעם פריהריגען צושטאנד; דאס מאכען ווי עס איז פריהער געווען; דאס ווערען צוריק געזונד, דאס אומקעהרען זיך צו די פריהריגע קרעפטען; דאס בענייען; בענייאונג; עטוואס וואס איז צוריקגעבראכט געווארען צו דעם פריהריגען צושטאנד [ווי אן אלט בילד אדער אלטע געביידע, וואס ווערט אבגעפרישט]; די צוריקקעהרונג פון דער מענשהייט צו זינדלאזיגקייט און צו גאט'ס גנאדען.

restora'tioner *n.* (רעס-טא-ריי'-שאנ-ער) ז. *restorationist*

restora'tionism *n.* (רעס-טא-ריי'-שאנ-איזם) דאס גלויבען אין דער צוריקקעהרונג פון דער מענשהייט צו זינדלאזיגקייט און צו גאט'ס גנאדען.

restora'tionist *n.* (רעס-טא-ריי'-שאנ-איסט) איינער וואס גלויבט אין דער צוריקקעהרונג פון דער מענשהייט צו זינדלאזיגקייט און צו גאט'ס גנאדען.

restor'ative *a. and n.* (רי-סטאור'-ע-טיוו) וואס קעהרט אום צום פריהריגען צושטאנד; וואס קעהרט אום צוריק די פערלארענע כחות; וואס בענייט, וואס שטארקט אדער קרעפטיגט; א שטארקונגס-מיטעל, א מיטעל וואס קעהרט אום צוריק די פערלארענע כחות.

restor'atively *adv.* (רי-סטאור'-ע-טיוו-לי) בענייענדיג אדער צוריקקעהרענדיג די קרעפטען.

revi'sionist *n.* (רי-וויזש'-אַנ-איסט) א רעוויזיאָניסט, אַן אַנהענגער פון רעוויזיאָן [רעפאָרמירונג פון א פּאַרטיי-פּראָגראַם, פון פּרינציפּען אָדער א גלויבען]; אײנער וואָס רעווידירט, קוקט דורך נאָך אַמאָל און בעסערט אויס [הויפּטזעכליך אײנער פון די אויסבעסערער פון דער ענגלישער איבערזעצונג פון דער ביבעל].

Revi'sionist *n.* (רי-וויזש'-אַנ-איסט) א רעוויזיאָניסט, אַן אַנהענגער פון דער רעוויזיאָניסטישער ריכטונג אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דײַטשלאַנד און אַנדערע לענדער [די רעוויזיאָניסטישע ריכטונג טרעט אַרויס געגען געוויסע פּונקטען פון מאַרקסיזם און האַלט, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדנונג קען פערווירקליכט ווערען ניט דורך א רעוואָלוציאָן, נאָר שטופּענווייז דורך סאָציאַלע רעפאָרמען. נאָר אַזוי ווי רעפאָרמען קענען דורכגעפיהרט ווערען בלויז אין פּאַרלאַמענט און דורך א מעהרהייט שטימען, דעריבער פאָדערט דיעזע ריכטונג, אַז די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל זיך אַבזאָגען פון איהר אַלטער טאַקטיק פון אַרויסטרעטען געגען אַלע בירגערליכע פּאַרטייען, נאָר זי זאָל שליסען קאָמפּראָמיסען און מאַכען שטענדיגע פּשרות מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע פּאַרטייען, וועלכע שטעהען אויף פאַר דער אָדער יענער סאָציאַלער רעפאָרמע].

revis'it *v. and n.* (רי-וויז'-איט) ווידער בעזוכען; זיך צוריקקעהרען; א צווייטער בעזוך אָדער וויזיט; צוריקקעהר [הויפּטזעכליך נאָך א לאַנגער אַבוועזענהייט].

revis'itant *a.* (רי-וויז'-אי-טענט) ווידער בעזוכענד; זיך צוריקקעהרענד [הויפּטזעכליך נאָך א לאַנגער אַבוועזענהייט].

revisita'tion *n.* (רי-וויז-אי-טיי'-שאַן) דאָס קומען נאָך אַמאָל, א צווייטער בעזוך, א צוריקקעהר [הויפּטזעכליך נאָך א לאַנגער אַבוועזענהייט].

revi'sor *n.* (רי-וואַי'-זאָר) ז. *reviser*.

revi'sory *a.* (רי-וואַי'-זאָ-רי) ז. *revisionary*.

revitaliza'tion *n.* (רי-וואַי-טעל-אי-זיי'-שאַן) ווידער-בעלעבונג, צוריק-אויפלעבונג.

revi'talize *v.* (רי-וואַי'-טעל-איז) פון דאָס נײַ אויפלעבען, צוריק בעלעבען אָדער לעבעדיג מאַכען.

revivabil'ity *n.* (רי-וואַי-ווע-ביל'-אי-טי) אויפלעבונגס-פעהיגקייט, דאָס קענען אויפגעלעבט ווערען, אַבגעפרישט ווערען אָדער בענײַט ווערען.

revi'vable *a.* (רי-וואַי'-ווע-בל) וואָס קען אויפגעלעבט ווערען, אַבגעפרישט ווערען אָדער בענײַט ווערען.

revi'vably *adv.* (רי-וואַי'-ווע-בלי) מיט דער מעגליכקייט אָדער פעהיגקייט אויפגעלעבט צו ווערען; אַזוי אַז עס זאָל מעגליך זײַן אַן אויפלעבונג, אַן אַבפרישונג אָדער בענײַאונג.

revi'val *n.* (רי-וואַי'-וועל) ווידער-בעלעבונג, דאָס מאַכען צוריק לעבעדיג; ווידער-אויפלעבונג, אַבפרישונג, בענײַאונג; א רעליגיעזע ערוואַכונג; צוריקשטעלונג; אין כעמיע — רעגענעראַציאָן, דאָס צוריק אומקעהרען צום נאַטירליכען צושטאַנד [ווענען א מעטאַל פון א כעמישער פערבינדונג]; ווידער-אויפנעהמונג פון א געריכטס-פּראָצעס [וואָס איז, למשל, אַבגעשטעלט געוואָרען צוליעב דעם טויט פון אײנעם פון די צדדים].

Revi'val *n.* (רי-וואַי'-וועל) דער רענעסאַנס. ז. *Renaissance*.

revi'valism *n.* (רי-וואַי'-וועל-איזם) די שטרעבונג צו דערוועקען פּלוצלונג א שטאַרקען גלויבען און רעליגיעזע התלהבות אין די פערשלאָפענע הערצער פון די מענשען.

revi'valist *n.* (רי-וואַי'-וועל-איסט) אַן אַנהענגער פון דער בעוועגונג וואָס שטרעבט צו דערוועקען פּלוצלונג א רעליגיעזע התלהבות און פערשטאַרקען דעם גלויבען בײַ מענשען; אײנער וואָס שטרעבט אַרויסצורופען א רעליגיעזע ערוואַכונג [הויפּטזעכליך א וואַנדערענדער פּרעדיגער, וואָס גיט זיך אַב מיט וועקען די רעליגיעזע געפיהלען].

revivalis'tic *a.* (רי-וואַי-ווע-ליס'-טיק) וואָס איז שייך צו דער שטרעבונג אויפצומונטערען רעליגיעזע געפיהלען; וואָס איז שייך צו פּרעדיגער, וואָס שטרעבען אויפצומונטערען רעליגיעזע געפיהלען.

revive' *v.* (רי-וואַיוו') צוריק לעבעדיג ווערען, אַבלעבען, אויפלעבען, לעבעדיג מאַכען, מחיה מתים זײַן; אויפמונטערען, אַבפרישען, צוריק אַרײַנברײַנגען אָדער קומען אין געברויך; אַבפרישען אין זכרון, אַבגעפרישט ווערען אין זכרון; אין כעמיע — רעגענערירען, צוריקקעהרען צום נאַטירליכען צושטאַנד [מעטאַל פון א כעמישער פערבינדונג]; מאַכען ווי נײַ [ווי למשל, קלײדער, דורך פעררייכטען, רײניגען א. ז. וו.].

revive'ment *n.* (רי-וואַיוו'-מענט) ז. *revivification*.

revi'ver *n.* (רי-וואי'-ווער) איינער וואס בעלעבט, מאכט לעבעדיג, לעבט אויף, מונטערט אויף, פרישט אב, ברענגט צוריק אין געברויך אדער ברענגט צוריק צום פריהעריגען צושטאנד; עטוואס וואס לעבט אויף, פרישט אב אדער מונטערט אויף; א שטאף צום רייניגען קליידער; אן אבפרישונג פון א געריכטס-פראצעס [וואס איז אבגעשטעלט געווארען, למשל, צוליעב דעם, וואס איינער פון די צדדים איז געשטארבען].

reviv'ificate *v.* (רי-וויוו'-אי-פי-קייט) ווידער לעבעדיג מאכען, אויפלעבען, מחיה מתים זיין.

revivifica'tion *n.* (רי-וויוו-אי-פי-קיי'-שאן) א ווידער-אויפלעבונג; תחית המתים; א ווידער-אבלעבונג, אבפרישונג, בענייאונג; אין כעמיע — רעגענעראציאן, רעדוקציאן צו א נאטירליכען מעטאל-צושטאנד [ווענען א מעטאל פון א כעמישער פערבינדונג].

reviv'ify *v.* (רי-וויוו'-אי-פאי) ווידער לעבעדיג מאכען, מחיה מתים זיין; צוגעבען א נייע קראפט, אויפלעבען; אבפרישען, אויפמונטערען, בענייען; אין כעמיע — רעגענערירען, צוריק בעקומען אדער צוריק אומקעהרען די מעטאל-אייגענשאפטען [צו א מעטאל פון א כעמישער פערבינדונג].

revivis'cence *n.* (רעווו-אי-ווים'-ענס) ווידער-אויפלעבונג, ווידער-געבורט; ווידער-ערוואכונג [הויפטזעכליך די ווידער-ערוואכונג פון אינזעקטען נאך דעם ווינטער-שלאף].

revivis'cency *n.* (רעווו-אי-ווים'-ענ-סי) ז. *reviviscence*

revivis'cent *a.* (רעווו-אי-ווים'-ענט) ווידער-אויפלעבענד, אויפשטעהענד תחית המתים; אבגעפרישט, בענייט.

revi'vor *n.* (רי-וואי'-וואר) בענייאונג פון א געריכטס-פראצעס [וואס איז איבערגעריסען געווארען, למשל, צוליעב דעם וואס איינער פון די צדדים איז געשטארבען].

revocabil'ity *n.* (רעווו-א-קע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צוריקגערופען ווערען; דאס קענען בטל ווערען אדער אבגעשאפט ווערען; מעגליכקייט צוריקגערופען צו ווערען, בטל צו ווערען אדער אבגעשאפט צו ווערען.

rev'ocable *a.* (רעוו'-א-קעבל) וואס קען זיין צוריקגערופען ווערען; וואס מען קען מבטל זיין אדער אבשאפען.
The treaty is **revocable** at the option of either party.

rev'ocableness *n.* (רעוו'-א-קעבל-נעס) ז. *revocability*

rev'ocably *adv.* (רעוו'-א-קע-בלי) אזוי אז מען זאל קענען צוריקרופען, מבטל זיין אדער אבשאפען.

revoca'tion *n.* (רעוו-א-קיי'-שאן) צוריקרופונג, אבשאפונג, דאס מבטל זיין, דאס בטל ווערען.

rev'ocatory *a.* (רעוו'-א-קיי-טא-רי) צוריקרופענד, אבשאפענד, וואס איז מבטל.

revo'kable *a.* (רי-וואו'-קעבל) ז. *revocable*

revoke' *v. and n.* (רי-וואוק') צוריקרופען, מבטל זיין, אבשאפען; ניט שפיעלען צו דער מאסט [אין קארטען]; דאס ניט שפיעלען צו דער מאסט.

revoke'ment *n.* (רי-וואוק'-מענט) ז. *revocation*

revo'ker *n.* (רי-וואו'-קער) איינער וואס רופט צוריק, איז מבטל אדער שאפט אב.

revolt' *v. and n.* (רי-וואולט') רעוואלטירען, ארויסטרעטען געגען, מאכען אן אויפשטאנד; אבקעהרען זיך מיט עקעל, ווערען עמפערט, אבשטויסען מיט עקעל; עמפערען, ארויסרופען עקעל, אבקלען; אן אויפשטאנד.

revolt' against' (רי-וואולט' ע-גענסט) מאכען אן אויפשטאנד, רעוואלטירען.

revolt' at (רי-וואולט' עט) עמפערט זיין, פיהלען עקעל.
His mind **revolted** at the idea of using violence.

revol'ter *n.* (רי-וואול'-טער) א רעבעל, איינער וואס רעבעלירט, מאכט אן אויפשטאנד אדער טרעט ארויס געגען [אן אנערקענטער מאכט].

revol'ting *a.* (רי-וואול'-טינג) עמפערענד, עקעלהאפט, מיאוס, אבשטויסענד; רעבעלירענד, וואס מאכט אן אויפשטאנד.

revol'tingly *adv.* (רי-וואול'-טינג-לי) עמפערענדיג, אבשטויסענדיג, עקעלנדיג; רעבעלירענדיג, ארויסטרעטענדיג געגען, מאכענדיג אן אויפשטאנד.

rev'olute *a. and v.* (רעוו'-א-ליוט) פערדרעהט, פערוויקעלט, פערבויגען; ארומדרעהען.

revolu'tion *n.* (רעוו-א-ליו'-שאן) אומדרעהונג; פעריאדישע אומקעהרונג אדער אומבייטונג [ווי פון יאהרעס-צייטען, למשל]; א רעוואלוציאן, א פאלשטענדיגע אומוואנדלונג, א ראדיקאלע אומבייטונג פון דער סאציאלער אדער פאליטישער ארדנונג; אן איבערקעהרעניש.

revolu'tionary *a. and n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי) רעוואלוציאנער, וואס איז שייך צו א רעוואלוציאן; א רעוואלוציאנער.

revolu'tionary cal'endar (רעוו-א-ליו'-שאנ-ע-רי קעל'-ענ-דער) ז. *republican calendar*

revolu'tioner *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-ער) א רעוואלוציאנער.

revolu'tion-in'dicator *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-אינ'-די-קיי-טאר) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די צאהל בעוועגונגען פון א מאשינען-טייל. ז. *operameter*

revolu'tionise *v.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איז) ז. *revolutionize*

revolu'tionism *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איזם) רעוואלוציאניזם, רעוואלוציאנערע פרינציפען, רעוואלוציאנערער גייסט.

revolu'tionist *n.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איסט) א רעוואלוציאנער.

revolu'tionize *v.* (רעוו-א-ליו'-שאנ-איז) מאכען א רעוואלוציאן; מאכען א פאלשטענדיגע אומענדערונג, ראדיקאל ענדערען; רעוואלוציאניזירען; זיך ראדיקאל ענדערען.

rev'olutive *a.* (רעוו'-א-ליו-טיוו) אומדרעהענד, אומקעהרענד; נאכדענקענד; אין באטאניק — אומגעבויגען, איינגעוויקעלט [ווענען פלאנצען]

revol'vable *a.* (רי-וואל'-וועבל) וואס קען זיך דרעהען, וואס דרעהט זיך.

revolve' *v.* (רי-וואלוו') זיך דרעהען; זיך פעריאדיש ווידערהאלען; זיך דרעהען אין קאפ [ווענען געדאנקען]; נאכדענקען, איבערלעגען.

revolved' *a.* (רי-וואלווד') אין זאאלאגיע — פערבויגען אויף צוריק [ווי דער שטאכעל ביי געוויסע אינזעקטען].

revolve'ment *n.* (רי-וואלוו'-מענט) נאכדענקונג, איבערלעגונג.

revol'vency *n.* (רי-וואל'-ווענ-סי) דרעהונג, אומדרעהונג.

revol'ver *n.* (רי-וואל'-ווער) א רעוואלווער; א שיס-געוועהר, וואס האט א זיך דרעהענדען אפאראט; איינער אדער עטוואס וואס דרעהט זיך.

Revolver

revol'ving *a.* (רי-וואל'-ווינג) דרעהענד, זיך דרעהענד.

revol'ving light (רי-וואל'-ווינג לאיט) א ליכט פון א לייכט-טהורם, וואס דרעהט זיך אין פערשיעדענע ריכטונגען.

revol'ving pis'tol (רי-וואל'-ווינג פיס'-טאל) א רעוואלווער.

revol'ving storm (רי-וואל'-ווינג סטאהרם) א ציקלאן, א ווירבעל-שטורם.

revom'it *v.* (רי-וואמ'-איט) ווידער ברעכען, ווידער אויסמייקענען.

revul'sent *a. and n.* (רי-וואל'-סענט) וואס ציהט אב, וואס רייסט אב אדער שיידט פאנאנדער; וואס ציהט אב א קראנקהייט פון איין טייל פון קערפער צו אן אנדערען; א מיטעל אבצוציהען א קראנקהייט פון איין קערפער-טייל צו אן אנדערען.

revul'sion *n.* (רי-וואל'-שאן) דאס אברייסען, דאס אבציהען; דאס אבציהען א קראנקהייט פון איין טייל קערפער צום אנדערען; א פלוצלינגע ענדערונג, א שטארקע רעאקציע.

revul'sive *a. and n.* (רי-וואל'-סיוו) וואס רייסט אב, וואס ציהט אב; וואס ציהט אב א קראנקהייט פון איין טייל קערפער צום אנדערען; א מיטעל צום אבציהען א קראנקהייט פון איין קערפער-טייל צו אן אנדערען.

revul'sor *n.* (רי-וואל'-סאר) א הייל-אפאראט, מיט וועלכען מען קען אנווענדען איינעם נאך'ן אנדערען היץ און קעלט.

Rev. Ver. אבקירצונג פון די ווערטער *Revised Version*

rewake' *v.* (רי-ווייק') ווידער אויפוועקען; ווידער אויפכאפען זיך, ווידער ערוואכען.

rewak'en *v.* (רי-ווייק'ן) צוריק אויפוועקען אדער ערוואכען.

reward' *v. and n.* (רי-וואהרד') בעלוינען, פערגעלטען; בעלוינונג, לוין.
A **reward** was offered for the return of the lost watch.

reward'able *a.* (רי-וואהרד'-עבל) בעלוינונגסווערטה, וואס פערדיענט בעלוינט צו ווערען, וואס קען אדער דארף בעלוינט ווערען.

reward'ableness *n.* (רי-וואהרד'-עבל-נעס) בעלוינונגס-ווירדיגקייט, דאס ווערטה זיין בעלוינט צו ווערען, דאס קענען בעלוינט ווערען.

reward'ably *adv.* (רי-וואהרד'-ע-בלי) אויף א בעלוינונגסווערטהען אופן; אזוי אז עס זאל קענען בעלוינט ווערען.

reward'er *n.* (רי-וואהרד'-ער) א בעלוינער, א פערגעלטער.

reward'ful *a.* (רי-וואהרד'-פול) בעלוינענד.

reward'fulness *n.* (רי-וואהרד'-פול-נעס) פעהיגקייט צו בעלוינען; דאס זיין בעלוינענד.

reward'less *a.* (רי-וואהרד'-לעס) אהן א בעלוינונג.
reweave' *v.* (רי-הוויוו') וויעדער וועבען, פון דאס ניי איבערוועבען.
reweigh' *v.* (רי-הוויי') איבערוועגען, נאך אמאל וועגען.
rewin' *v.* (רי-הווין') צוריקקריעגען; צוריקגעווינען.
rewon' (רי-הוואן) צוריקגעוואונען, צוריקגעקראגען. ז. *rewin*
rewood' *v.* (רי-הוואוד') צוריק פערפלאנצען מיט בוימער, צוריק פערוואנדלען אין א וואלד.
reword' *v.* (רי-הוואירד') 1. וויעדערהאָלען, איבער'חזר'ען [ווארט פאר ווארט]; 2. אויסדריקען מיט אנדערע ווערטער; 3. וויעדערהאלען אדער אָבקלינגען [אלס וויעדערקול].
1. The witness **reworded** his testimony at the renewed hearing. 2. Popular indignation forced the governor to **reword** his statement. 3. The distant hill **rewords** the calls of the hunters.
rewrite' *v.* (רי-ראיט') איבערשרייבען, פון דאס ניי אויפשרייבען.
rewrit'ten (רי-ריט'ן) איבערגעשריבען, פון דאס ניי אנגעשריבען. ז. *rewrite*
rewrote' (רי-ראוט') איבערגעשריבען, פון דאס ניי אנגעשריבען. ז. *rewrite*
rex *n.* (רעקס) א קעניג.
rey'nard *n.* (ריי'-נארד) א פוקס.
Rey'nard *n.* (ריי'-נארד) דער פוקס [אלס פערזאניפיצירונג פון כיטרעקייט אין פאבלען און בכלל אין פאעזיע].
reyoung' *v.* (רי-יאנג') צוריק יונג מאַכען.
rhabar'barin *n.* (רע-באר'-בע-רין) ז. *rhabarbarine*
rhabar'barine *n.* (רע-באר'-בע-רין) רעבארבערין [א כעמישער שטאף וואס געפינט זיך אין דער רעבארבער־פלאנצע].
rhabar'barum *n.* (רע-באר'-בע-ראם) ז. *rhubarb*
rhab'doid *n.* (רעב'-דאיד) אין באַטאַניק — א נאדעל־פערמיגעס קערפערעל אין די צעלען פון געוויסע פלאנצען.
rhabdol'ogy *n.* (רעב-דאל'-א-דזשי) ראבדאלאגיע, די קונסט צו רעכענען מיט דער הילף פון שטעקעלעך, אויף וועלכע עס זיינען פערצייכענט פערשיעדענע ציפערען.
rhab'domancy *n.* (רעב'-דא-מענ-סי) דאס נביאות־זאגען אדער דאס טרעפען די צוקונפט מיט דער הילף פון א שטעקען.
rha'chis *n.* (רע'-קיס) דער רוקען־ביין; דאס שטעקעל פון א פעדער. ז. *rachis*
rhachi'tis *n.* (רע-קאי'-טיס) ז. *rickets*
rham'phoid *a.* (רעמ'-פאיד) שנאבעל־פערמיג; וואס האט די פארם פון א שנאַבעל.
rhapsod'ic *a.* (רעפ-סאד'-איק) ז. *rhapsodical*
rhapsod'ical *a.* (רעפ-סאד'-אי-קעל) ראפסאדיש, ווי א ראפסאדיע; צופיעל ענטוזיאסטיש, מיט א צו הויכען געפיהל. ז. *rhapsody*
rhapsod'ically *adv.* (רעפ-סאד'-אי-קעל-אי) אין איינצעלן, אהן א צוזאמענהאנג; אויף דעם אופן ווי עס ווערט דורכגעפיהרט א ראפסאדיע. ז. *rhapsody*
rhap'sodist *n.* (רעפ'-סא-דיסט) א ראפסאדיסט, איינער וואס זינגט ראפסאַדיען אדער בעזונדערע אבגעריסענע שטיקלעך פאעזיע אדער מוזיק; א וואנדערענדער זינגער; איינער וואס רעדט מיט א שטארקער היץ און בעגייסטערונג, כאטש דער אינהאלט פון דער רעדע פאדערט עס ניט.
rhapsodis'tic *a.* (רעפ-סא-דיס'-טיק) ז. *rhapsodical*
rhap'sodize *v.* (רעפ'-סא-דאיז) זינגען אדער פארלעזען ראפסאדיען אדער בעזונדערע אבגעריסענע שטיקלעך מוזיק אדער פאעזיע; רעדען מיט א צו שטארקער בעגייסטערונג.
rhap'sodomancy *n.* (רעפ'-סא-דא-מענ-סי) דאס נביאות־זאגען מיט דער הילף פון פערזען [פון א גערידכט].
rhap'sody *n.* (רעפ'-סא-די) א ראפּסאדיע, א קורצעס עפּישעס געדיכט אדער א טייל פון א לאנגען געדיכט וואס קען איבערגעלעזען ווערען פאר איין מאָל; א צו־שטארקער אויסדרוק פון בעגייסטערונג; א פאעטישעס ווערק, וואס ענטהאלט אין זיך מעהר איבערטריבענע התלהבות איידער קלארען געדאנק; אין מוזיק — א קאמפאזיציאן פון בעזונדערע מוזיקאלישע שטיקלעך אהן א רעגולארען צוזאמענהאנג צווישען זיי.
rhap'sody of words (רעפ'-סא-די אוו הווארדז) פוסטע ווערטער.
rhat'any *n.* (רעט'-ע-ני) ז. *ratany*
Rhe'a *n.* (ריע'-א) — אין מיטאלאגיע רהעא, די טאכטער פון הימעל און ערד און די מוטער פון די געטער און מענשען; א מין זיד־אמעריקאנישע שטרויס־פויגלען.
Rhein'-ber'ry *n.* (ראינ'-בער'-אי) ז. *buckthorn*
rhemat'ic *a.* (רי-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א צייטווארט; וואס בעקומט זיך פון א צייטווארט.
Rhen'ish *a. and n.* (רענ'-איש) רהיינישער, וואס געהערט צו דעם טייך רהיין; דער רהיינוויין.
Rhen'ish ar'chitecture (רענ'-איש אר'-קי-טעק-טשור) די רהיינישע ארכיטעקטור [די בוי־קונסט אין דער פארם פון רונדע און האלב־רונדע געביידען, וועלכע האט געהערשט אין מיטעלאלטער אין די געגענדען פון דעם טייך רהיין].
rheom'eter *n.* (רי-אמ'-ע-טער) אן עלעקטראמעטער אדער גאלוואנאמעטער [א מין אינסטרומענט צו מעסטען אן עלעקטרישען שטראם]; א בלוט־מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די שנעלקייט פון דער בלוט־צירקולאציאן].
rheomet'ric *a.* (רי-א-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו אן עלעקטראמעטער אדער גאלוואנאמעטער.
rheom'etry *n.* (רי-אמ'-ע-טרי) אין מאטעמאטיק — דיפערענציאל און אינטעגראל־רעכנונג; גאלוואנאמעטריע [די מעסטונג פון עלעקטרישע שטראמען].
rhe'omotor *n.* (רי'-א-מאו-טאר) אן עלעקטרישער אפאראט אדער עלעקטרישע באטאריי צו פראדוצירען עלעקטריציטעט.
rhe'ophore *n.* (רי'-א-פאור) דער פעראייניגונגס־דראט פון א גאלוואנישען אפּאראט.
rhe'oscope *n.* (רי'-א-סקאופ) אן עלעקטראסקאפ [אן אינסטרומענט וואס ווייזט אן אויב עס איז פאראן אן עלעקטרישער שטראם].
rhe'ostat *n.* (רי'-א-סטעט) א רעאסטאט אדער א ווידערשטאנדס־שפולע [א קאמבינאציאן פון דראט־שפולען דורך וועלכע מען קען רעגולירען אן עלעקטרישען שטראם, מאכענדיג איהם שטארקער אדער שוואכער].
rheostat'ic *a.* (רי-א-סטעט'-איק) וואס איז שייך צו א רעאסטאט. ז. *rheostat*
rheostat'ics *n.* (רי-א-סטעט'-איקס) ז. *hydrostatics*
rhe'otome *n.* (רי'-א-טאום) אן עלעקטרישער שטראם־אונטערברעכער [א פארריכטונג מיט וועלכער מען קען אונטערברעכען פעריאדיש אן עלעקטרישען שטראם].
rhe'otrope *n.* (רי'-א-טראופ) א רעאטראפ [אן אינסטרומענט צו בייטען פעריאדיש די ריכטונג פון אן עלעקטרישען שטראם].
rhe'sus mon'key (רי'-סאס מאנ'-קי) א מאקאק, איינע פון די פערהייליגטע אפען אין אסט־אינדיען.

Rhesus Monkey

rhe'tor *n.* (רי'-טאר) א רעדנער, א מליצה־רעדנער; א לעהרער פון רעדען מיט מליצה; א רעטאריקער; א לעהרער פון רעטאריק.
rhet'oric *n.* (רעט'-אר-איק) רעטאריק, רעדנער־קונסט; מליצה, הויכע פראזען; איבערצייגונגס־קראפט.
rhetor'ical *a.* (רי-טאר'-אי-קעל) רעטאריש, רעדנעריש, מליצה'דיג; וואס געהערט צו דער רעדנער־קונסט.
rhetor'ically *adv.* (רי-טאר'-אי-קעל-אי) אויף א רעטארישען, רעדנערישען אדער מליצה'דיגען אופן.
rhetori'cian *n. and a.* (רעט-א-ריש'-ען) א לעהרער פון רעטאריק אדער רעדנער־קונסט; א פראזעאלאג, איינער וואס רעדט מיט הויכע מליצות; וואס איז שייך צו א לעהרער פון רעדנער־קונסט.
rheum *n.* (רוהם) די פליסיגקייט וואס לויפט פון דער נאז אדער פון די אויגען, ווען מען האט א קאטאר.
rheu'ma *n.* (רוה'-מא) ז. *rheum*
rheumat'ic *a. and n.* (רו-מעט'-איק) רומאטיש; וואס האט רומאטיזם; וואס איז שייך צו רומאטיזם; איינער וואס ליידעט פון רומאטיזם. ז. *rheumatism*
rheumat'ical *a.* (רו-מעט'-אי-קעל) רומאטיש. ז. *rheumatic*
rheu'matism *n.* (רוה'-מע-טיזם) רומאַטיזם [א קראנקהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין א שטארקען וועהטאג אין די מוסקולען און געלענקען פון גאנצען קערפער אדער פון געוויסע טיילען פון קערפער].
rheumatis'mal *a.* (רוה-מע-טיז'-מעל) ז. *rheumatical*
rheu'matiz *n.* (רוה'-מע-טיז) ז. *rheumatism*
rheu'matize *n.* (רוה'-מע טיז) ז. *rheumatism*
rheu'matoid *a.* (רוה'-מע-טאיד) רומאַטיש, וואס האט דעם כאראקטער פון רומאטיזם. ז. *rheumatism*

rheumatoi'dal *a.* (רוה־מע־טאָי'־דעל) ז. *rheumatoid*
rheu'my *a.* (רוה'־מי) פול מיט דער פליסיגקייט, וואס לויפט פון דער נאז אדער פון די אויגען, ווען מען האט א קאטאר.
rhinæsthe'sia *n.* (ראי־נעס־טהי'־סי־א) דער חוש־הריח.
rhinæsthe'sis *n.* (ראי־נעס־טהי'־סיס) ז. *rhinæsthesia*
rhinæsthet'ics *n.* (ראי־נעס־טהעט'־איקס) די לעהרע וועגען חוש־הריח.
rhi'nal *a.* (ראי'־נעל) וואס איז שייך צו דער נאז.
rhinal'gia *n.* (ראי־נעל'־דזשי־א) א וועהטאג אין דער נאז.
rhine'stone *n.* (ראינ'־סטאון) א מין פאלשער נאכגעמאכטער דימענט.
rhi'no *n.* (ראי'־נאו) געלד, מזומן.
rhinoce'rial *a.* (ראי־נא־סי'־רי־על) ז. *rhinocerical*
rhinocer'ical *a.* (ראי־נא־סער'־אי־קעל) ווי א נאז־הארן; וואס איז שייך צו א רהינאצערוס אדער נאז־הארן [אזא מין חיה]. ז. *rhinoceros*
rhinoc'eros *n.* (ראי־נאס'־ע־ראס) א רהינאצערוס, א נאז־הארן [אזא חיה וואס האט א הארן אויף דער נאז].

Rhinoceros

rhinoc'eros-bird *n.* (ראי־נאס'־ע־ראס־בוירד) ז. *rhinoceros-hornbill*
rhinoc'eros-horn'bill *n.* (ראי־נאס'־ע־ראס־האהרנ'־ביל) דער רהינאצערוס־פויגעל [אזא פויגעל וואס האט א גרויסע אנוואקסונג אויף'ן שנאבעל ווי א הארן].

Rhinoceros-hornbill

rhinodyn'ia *n.* (ראי־נא־דינ'־אי־א) א וועהטאג אין דער נאז.

rhi'nolith *n.* (ראי'־נא־ליטה) א שטיינערדיגער שטאף וואס בילדעט זיך אין דער נאז.
rhinol'ogist *n.* (ראי־נאל'־א־דזשיסט) איינער וואס איז בעקאנט מיט דער וויסענשאפט וועגען דער נאז; א ספעציאליסט אין נאז־קראנקהייטען.
rhinol'ogy *n.* (ראי־נאל'־א־דזשי) די וויסענשאפט וועגען דער נאז [וועגען דעם אנאטאמישען געבוי און פיזיאלאגישע פונקציאנען].
rhi'noplast *n.* (ראי'־נא־פלעסט) איינער וועלכער האט א קינסטליך געמאכטע נאז.
rhinoplas'tic *a.* (ראי־נא־פלעס'־טיק) וואס איז שייך צו א קינסטליך געמאכטער נאז.
rhi'noplasty *n.* (ראי'־נא־פלעס־טי) רינאפלאסטיק [דאס מאכען קינסטליכע נעזער].
rhinorrha'gia *n.* (ראי־נא־ריי'־דזשי־א) בלוט־פלוס פון דער נאז.
rhi'noscope *n.* (ראי'־נא־סקאופ) א רינאסקאפ, אן אינסטרומענט צו אונטערזוכען די נאז.
rhizan'thous *a.* (ראי־זענ'־טהאס) וואס בליהט גלייך פון ווארצעל [וועגען געוויסע פלאנצען].
rhi'zogen *n.* (ראי'־זא־דזשען) א פאראזיטישע פלאנצע וואס וואקסט ארויס פון ווארצעל פון אן אנדער פלאנצע.
rhi'zoid *a.* (ראי'־זאיד) אין באטאניק — ווארצעל־פערמיג; ענליך צו א ווארצעל.
rhizo'ma *n.* (ראי־זאו'־מא) ז. *rhizome*
rhi'zome *n.* (ראי'־זאום) א דיקער ווארצעל אין דער ערד פון וועלכען עס וואקסען ארויס אנדערע ווארצעלעך פון אונטען און בלעטער פון אויבען.

Rhizome

rhizoph'agous *a.* (ראי־זאפ'־ע־גאס) ווארצעל־פרעסענד, וואס ערנעהרט זיך מיט ווארצלען [וועגען געוויסע חיות].
rhi'zopod *a.* (ראי'־זא־פאד) וואס איז שייך צו די ריזאפאדען [א קלאס פון די איינפאכע חיה'לעך]. ז. *Rhizopoda*
Rhizop'oda *n.* (ראי־זאפ'־א־דא) די ריזאפאדען, דער נידריגסטער קלאס פון די פראטאזאען אדער איינפאכסטע חיה'לעך [דער קערפער פון דיעזע חיה'לעך בעשטעהט פון א שטיקעלע פלאזמע אהן קיינע אברים אויסער א קליינעם קערנדעל און א בלעזעלע וואס קען זיך עטוואס פאנאנדערציהען און צונויפציהען].
rhizop'odal *a.* (ראי־זאפ'־א־דעל) ז. *rhizopod*
rhizop'odan *a.* (ראי־זאפ'־א־דען) ז. *rhizopod*
rhizop'odous *a.* (ראי־זאפ'־א־דאס) ז. *rhizopod*
Rho'dian *a.* (ראו'־די־ען) וואס איז שייך צו רהאדאס [אן אינזעל פון מיטעללענדישען ים ניט ווייט פון קליין־אזיען. די גריכישע בעפעלקערונג פון דיעזען אינזעל האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון אלטערטום].
Rho'dian school of sculp'ture (ראו'־די־ען סקוהל אוו סקאלפ'־טשור) די רהאדישע סקולפטור־שול [איינע פון די בעדייטענדסטע קונסט־שולען פון די אלטע גריכען, וואו עס זיינען בעשאפען געווארען אזעלכע וועלט־בעריהמטע סקולפטור־ווערק, ווי דער לאאקאאן. ז. *Laocoon*].
rho'dium *n.* (ראו'־די־אם) רהדיום [א מין ווייסער מעטאל וואס איז געפונען געווארען אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט אין פלאטין־ערץ].
Rhododen'dron *n.* (ראו־דא־דענ'־דראן) ראדאדענדראן [אזא מין קוסט אויף וועלכען עס וואקסען גרויסע ראזעווע בלומען].

Rhododendron

rho'donite *n.* (ראו'־דא־נאיט) ראדאניט, א מין שטיין פון א ראזעווען קאליר.
rhomb *n.* (ראמב) אין געאמעטריע — א ראמבוס [א פיער־זייטיגע פיגור, פון וועלכער אלע זייטען זיינען גלייך און די געגענזייטען זיינען פאראלעל]; א קריסטאל וואו די זייטען זיינען ראמבוסען.

Rhomb

rhom'bic *a.* (ראמ'־ביק) וואס האט די פארם פון א ראמבוס. ז. *rhomb*
rhom'bical *a.* (ראמ'־בי־קעל) ז. *rhombic*
rhom'biform *a.* (ראמ'־בי־פארם) ז. *rhombic*
rhombohe'dral *a.* (ראמ־בא־הי'־דרעל) וואס האט די פארם פון א ראמבאהעדראן. ז. *rhombohedron*
rhombohe'drally *adv.* (ראמ־בא־הי'־דרעל־אי) ווי א ראמבאהעדראן. ז. *rhombohedron*
rhombohe'dric *a.* (ראמ־בא־הי'־דריק) ז. *rhombohedral*
rhombohe'dron *n.* (ראמ־בא־הי'־דראן) אין געאמעטריע — א ראמבאהעדראן, א סאלידער קערפער, וועלכער האט זעקס ראמבוס־פערמיגע זייטען.


Rhombohedron

rhom'boid *n.* (ראמ'־באיד) א ראמבאאיד [א געאמעטרישע פיגור, אין וועלכער די געגענזייטען זיינען פאראלעל און גלייך].

Rhomboid

rhomboi'dal *a.* (ראמ־באי'־דעל) וואס זעהט אויס ווי א ראמבאאיד. ז. *rhomboid*
rhom'bus *n.* (ראמ'־באס) ז. *rhomb*
rhopal'ic *a.* (רא־פעל'־איק) וואס איז שייך צו א העקזאמעטרישען פערז [ז. *hexameter*] וואו יעדעס ווייטערדיגע ווארט האט מיט איין זילבע מעהר ווי דאס פריערגע.
rho'tacise *v.* (ראו'־טע־סאיז) ז. *rhotacize*
rho'tacism *n.* (ראו'־טע־סיזם) דאס צו־אפט געברויכען א "ר"; דאס שלעכט אויסשפרעכען א "ר"; דאס פערוואנדלען אן אנדער קלאנג אין א "ר".
rho'tacize *v.* (ראו'־טע־סאיז) געברויכען צו אפט א "ר"; שלעכט אדער פאלש אויסשפרעכען א "ר"; פערבייטען אנדערע קלאנגען אויף א "ר".

rhu'barb *n.* (רוה'-בארב) רעבארבער [אן עסבארע זים=זויערע פלאנצע מיט א דיקען פליי=שיגעןווארצעל און מיט דיקע פליישי=גע בלעטער. דער ווארצעל ווערט גע=ברויכט אלס אן אב=פיהרונגס=מיטעל].

Rhubarb

rhu'barby *a.* (רוה'-בארב-אי) ווי רעבארבער, עהנ=ליך צו רעבארבער. ז. *rhubarb*

rhumb *n.* (ראמב) א רומב, א פונקט אויף'ן קאמפאס וואס בעצייכענט א 32=טעל פון א קרייז; דער גאנג פון א שיף אין ים אין דער ריכטונג פון א רומב.

rhumb'-line *n.* (ראמב'-לאין) ז. *loxodromic line*

rhyme *n. and v.* (ראים) א פערז פון א געדיכט; א גראם; מאכען גראמען.

rhyme'less *a.* (ראימ'-לעס) אהן א גראם, אהן גראמען.

rhym'er *n.* (ראימ'-ער) א גראמען=מא=כער.

rhym'ery *n.* (ראימ'-ער-אי) דאס גרא=מען מאכען.

rhym'ic *a.* (ראימ'-איק) וואס איז שייך צו גראמען.

rhysim'eter *n.* (ראי-סימ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט אדער געשווינדקייט פון א שטראם, ווי אויך די געשווינדקייט פון'ם גאנג פון א שיף.

rhythm *n.* (ריטהם) דער ריטם אדער טאקט [א רעגעלמעסיגע וועקסלונג פון שנעלערע און לאנגזאמערע בעוועגונגען, קלאנגען, זילבען אדער טענער].

rhyth'mic *a.* (ריטה'-מיק) ריטמיש, מיט'ן טאקט.

rhyth'mical *a.* (ריטה'-מי-קעל) ז. *rhythmic*

rhythmical'ity *n.* (ריטה-מי-קעל'-אי-טי) דאס זיין ריטמיש. ז. *rhythm*

rhyth'mically *adv.* (ריטה'-מי-קעל-אי) אויף א ריטמישען שטייגער; לויט'ן טאקט.

rhyth'mics *n.* (ריטה'-מיקס) די לעהרע וועגען ריטם אדער טאקט ז. *rhythm*

rhyth'mist *n.* (ריטה'-מיסט) איינער וואס ווייסט די טעאריע פון ריטם אדער טאקט; איינער וואס שאפט א מוזיקא=לישע קאמפאזיציאן לויט די כללים פון ריטם. ז. *rhythm*

rhyth'mize *v.* (ריטה'-מאיז) פערפאסען אין א ריטמישער פארם.

rhythm'less *a.* (ריטהמ'-לעס) אהן ריטם אדער טאקט.

rhythmom'eter *n.* (ריטה-מאמ'-ע-טער) א טאקטמעסטער [אן אינסטרו=מענט צו מעסטען דעם טאקט אין מו=זיק]; א מעטראנאם. ז. *metronome*

rhyth'mus *n.* (ריטה'-מאס) ז. *rhythm*

R. I. ***Rhode Island*** ראשי תבות פון (ראוד אילענד, איינער פון די פעראייני=טע שטאאטען פון נארד=אמעריקא].

Rial'to *n.* (רי-על'-טאו) די בריק איבער דעם גרויסען קאנאל אין ווענעדיג [ווע=נעציע].

ri'ancy *n.* (ראי'-ען-סי) פרעהליכקייט, לוסטיגקייט.

ri'ant *a.* (ראי'-ענט) לאכענד, שמייכ=לענד; לוסטיג.

rib *n. and v.* (ריב) א ריפ; עטוואס וואס איז עהנליך צו א ריפ און וואס ווערט בענוצט אלס א שטיצע, פערפעסטי=גונג אדער אלס א טייל פון א ראהם [ווי די ריפען פון א שיף, די ריפען פון א געוועלב א. ד. ג.]; א שטרייף; א באנד; א בולט'ער שטרייף אין געוועבטען שטאף; א שטרייף לאנד; א ריפ=שטיק [א שטיק פלייש וואס ענטהאלט א ריפ]; א ווייב; פערשטארקען אדער שטיצען מיט ריפען; מאכען אין בולט'ע שטריי=פען אדער שורות [ווי א געאקערט פעלד, געקרעפטער שטאף א. ד. ג.]; איינשלי=כען ווי אין ריפען; רייניגען פלאקס.


Ribs

rib'ald *n. and a.* (ריב'-עלד) א נידרי=גער מענש, א געמיינער יונג; איינער וואס געברויכט א שמוציגע שפראך, א נבול=פה'ניק; א גראביאן; נידריג, שמו=ציג, געמיין; וואס רעדט נבול=פה.

rib'aldish *a.* (ריב'-על-דיש) שמוציג, געמיין [בעזאנדערס אין ריידען]; וואס רעדט נבול=פה.

He has a **ribaldish** tongue.

rib'aldry *n.* (ריב'-על-דרי) שמוציגע רייד, נבול=פה.

rib'and *n. and v.* (ריב'-ענד) ז. *ribbon*

rib'-band *n.* (ריב'-בענד) א קווערבאל=קען וואס ווערט בענוצט ביים בויען א שיף אום דער געשטעל זאל ניט צופאלען ווערען ביז די אויסערע פלאנקעס וועלען ארומגעלעגט ווערען.

ribbed *a.* (ריבד) מיט ריפען; מיט בולט'ע שטרייפען [ווי ביי צייג], געקרעפט אין שטרייפען; בעפעסטיגט מיט ריפען.

rib'bing *n.* (ריב'-אינג) ריפען=ווערק [ארבייט וועלכע איז געמאכט אין דער פארם פון ריפען].

rib'ble-rab'ble *n.* (ריב'ל-רעב'ל) א פעבעל, א געמיינער המון; א געמיינע פלוי=דעריי; מאוס'ע רייד, נבול=פה.

rib'bon *n., v. and a.* (ריב'-אן) א באנד, א סטענגע, א לענטע; א זיידען=באנד; אן עהרען=לענטע [ווי פון אן ארדען]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א באנד; א שטרייף; בעפוצען מיט באנד, ארומקאנטען אדער ארומזוימען מיט באנד; מאכען אדער פארמירען אין לאנגע, שמא=לע שטרייפען אדער סטענגעס; געמאכט פון באנד; געשטרייפט.

rib'bon-bor'dering *n.* (ריב'-אנ-באהר'-דער-אינג) דער געברויך פון בלע=טער=פלאנצען פון פערשיעדענע קאלירען אויסגעלעגט אין שטרייפען אלס ראנד פאר בייטען; א פערשיעדען=קאלירטער ראנד פון פלאנצען.

rib'-bone *n.* (ריב'-באון) א ריפ=ביין.

rib'bon-fish *n.* (ריב'-אנ-פיש) דער באנד=פיש [אזא מין פיש וואס האט די פארם פון א באנד אדער סטענגע].


Ribbon-fish

rib'bon-grass *n.* (ריב'-אנ-גרעס) דאס באנד=גראז [אזא מין געשטרייפט גראז אין גרין און ווייס].

Rib'bonism *n.* (ריב'-אנ-איזם) די פרינציפען און מעטאדען פון די באנד=מענער [א געהיימע קאטוילישע געזעל=שאפט אין אירלאנד, וואס האט געהאט די אויפגאבע צו בעקעמפפען דעם ענגלי=שען קעניג וויליאם דעם דריטען און האט שפעטער אויף אריינגענומען אין איהר פראגראם דעם קאמפף געגען דעם קלאס פון גרויסע גרונד=בעזיצער].

rib'bon let'ter (ריב'-אן לעט'-ער) א פערציערונגס=בוכשטאב אין דער פארם פון איבערגעפלאכטענע סטענגעס.

rib'bon-line *n.* (ריב'-אנ-לאין) א לאנ=גע בייט וואס איז אויסגעזעצט מיט ענג=געפלאנצטע פערשיעדען=פארביגע געוויקסע [געוועהנליך אלס א ראנד].

Rib'bon lodge (ריב'-אן לאדזש) א לאדזש [חברה, פעראיין] פון דער איר=לענדישער באנד=מענער געזעלשאפט. ז. *Ribbonism*

Rib'bonman *n.* (ריב'-אנ-מען) א באנד=מאן, אן אנהענגער פון דער אירלענדישער באנד=מענער געזעלשאפט. ז. *Ribbonism*

rib'bon-move'ment *n.* (ריב'-אנ-מוהוו'-מענט) דער מעכאניזם אין א שרייב=מאשין, וואס רוקט איבער דעם טינט=באנד.

rib'bon-pat'tern *n.* (ריב'-אנ-פעט'-ערן) א פערציערונגס=מוסטער [אוזאר], וואס זעהט אוים ווי איבערגעפלאכטענע סטענגעס.

rib'bon-saw *n.* (ריב'-אנ-סאה) א באנד=זעג אדער ענדלאזע זעג [א שמאלע, לאנ=גע זעג וואס איז רונד אריבערגעבויגען איבער 2 רעדער, וואס בעוועגען זיך, אזוי אז די זעג האט קיין ענד ניט].

rib'bon-seal *n.* (ריב'-אנ-סיעל) דער געשטרייפטער ים=הונד [א מין ים=הינד, ביי וועלכע די זכרים האבען ברייטע ווײ=סע שטרייפען אויף'ן קאפ און אויף'ן רו=קען].

Rib'bon Soci'ety (ריב'-אן סא-סאי'-ע-טי) די באנד=מענער געזעלשאפט. ז. *Ribbonism*

rib'bon-work *n.* (ריב'-אנ-הווארק) א בעציערונג אין דער פארם פון איבערגע=פלאכטענע און אראבהענגענדע סטענגעס.

rib′-grass *n.* (ריב′-גרעס) דער ענגלישער וועגעריך. ז. *plantain*.

rib′less *a.* (ריב′-לעס) וואס האט ניט קיין ריפען; וואס איז אזוי פעט, אז מען קען ניט אנטאפען די ריפען.

rib′let *n.* (ריב′-לעט) א קליינער ריפ; א ניט פאלשטענדיג ענטוויקעלטער ריפ.

rib′-piece *n.* (ריב′-פיעס) א שטיק ריפען=פלייש צוזאמען מיט די ריפען=ביינער [צום בראטען].

rib′-roast *n. and v.* (ריב′-ראוסט) א שטיק ריפען=פלייש צוזאמען מיט די ריפען=ביינער [צום בראטען]; דאס אנברעכען די ביינער; גוט אנברעכען די ביינער.

rib′-roast′er *n.* (ריב′-ראוסט′-ער) א שטארקער קלאפ [הויפטזעכליך אין די ריפען].

rib′-roast′ing *n.* (ריב′-ראוסט′-אינג) דאס אנברעכען די ביינער.

Rib′ston pip′pin (ריב′-סטאן פיפ′-אין) א מין טייערער סארט ווינטער=עפעל.

rib′-vaul′ting *n.* (ריב′-וואהל′-טינג) א ריפען=געוועלב [א געוועלב מיט ריפען=פערמיגע ארויסשטארצונגען].

rib′wort *n.* (ריב′-הוואירט) דער וועגעריך. ז. *plantain*.

Ricar′dianism *n.* (רי-קאר′-די-ענ-איזם) די לעהרע פון דעם ענגלישען עקאנאמיסט ריקארדא [געבארען אין יאהר 1772, געשטארבען אין יאהר 1823].

rice *n.* (ראיס) רייז; די רייז=פלאנצע.

Rice

rice′-bird *n.* (ראיס′-בוירד) דער רייז=פויגעל. ז. *bobolink*.

rice′-bun′ting *n.* (ראיס′-באנ′-טינג) דער רייז=פויגעל. ז. *bobolink*.

rice′-drill *n.* (ראיס′-דריל) א מאשין צו פערזייהען רייז אין אויפגעאקערטע שורות.

rice′-dust *n.* (ראיס′-דאסט) רייז=שטויב, דער אבפאל פון רייז [די שאלעכץ און די צובראכענע רייז. ווערט געברויכט אלס קארמע פאר בהמות].

rice′-embroi′dery *n.* (ראיס′-עמ-בראי′-דער-אי) רייז=שפיצען אדער קרוזשעוועס [געמאכט אין דער פארם פון רייז=קערנדלעך].

rice′-field *n.* (ראיס′-פיעלד) א רייז=פעלד [וואו עס וואקסט רייז].

rice′-flour *n.* (ראיס′-פלאור) רייז=מעהל [געברויכט אלס מעהל און אלס פודער פאר'ן געזיכט].

rice′-glue *n.* (ראיס′-גלוה) רייז=קלייי [ווערט אויסגעקאכט פון רייז און ווערט געברויכט פאר מאדעלען, ביוסטען א. ז. וו.].

rice′-grain *n.* (ראיס′-גריין) א רייז=קערנדעל; קליינע בונטע פלעקען אויף דער זון, וואס ווייזען אויס ווי רייז=קערנדלעך.

rice′-hen *n.* (ראיס′-הען) די וואסער=הוהן. ז. *gallinule*.

rice′-hull′er *n.* (ראיס′-האל′-ער) ז. *rice-mill*.

rice′-meal *n.* (ראיס′-מיעל) ז. *rice-dust*.

rice′-milk *n.* (ראיס′-מילק) מילך=רייז [מילך אויסגעקאכט און פערדיכטעט מיט רייז].

rice′-mill *n.* (ראיס′-מיל) א רייז=מיהל, א מאשין צו רייניגען רייז [פון דער שאלעכץ].

rice′-pa′per *n.* (ראיס′-פיי′-פער) רייז=פאפיער [פאפיער געמאכט פון רייז=שטרוי]; איינער פון די זעהר דינע ווייסע בלעטלעך אדער פלאטען וואס ווערען געמאכט פון דעם אינוועניגסטען טייל [הערצעל] פון א רייז=פאפיער קוסט.

rice′-pa′per tree (ראיס′-פיי′-פער טריע) דער רייז=פאפיער קוסט [אזא קליין בוימעל אדער קוסט, פון וועמעס הערצעל מען מאכט דינע ווייסע בלעטלעך וואס רופען זיך רייז=פאפיער].

rice′-plant′er *n.* (ראיס′-פלענט′-ער) אזא זייה=מאשין פאר רייז.

rice′-pound′er *n.* (ראיס′-פאונד′-ער) ז. *rice-mill*.

rice′-pud′ding *n.* (ראיס′-פוד′-אינג) רייז=פודינג.

rice′-sow′er *n.* (ראיס′-סאו′-ער) ז *rice-planter*

rice′-stitch *n.* (ראיס′-סטיטש) א רייז=עהנליכעס אדער קערן=עהנליכעס אויגעל אין שטריקען קרוזשעווע [שפיצען].

rice′-sug′ar *n.* (ראיס′-שוג′-אר) א רייז=קאנפעקט [צוקערקע].

rice′-troo′pial *n.* (ראיס′-טרוה′-פי-על) דער רייז=פויגעל. ז. *bobolink*.

rice′-wa′ter *n.* (ראיס′-הוואה′-טער) רייז=וואסער [וואסער אויסגעקאכט מיט רייז, געברויכט אלס געטראנק פאר קראנקע].

rice′-wa′ter evacua′tions (ראיס′-הוואה′-טער אי-וועק-יו-איי′-שאנז) די שיטערע צאה פון א כאליערא=קראנקען.

rice′-wee′vil *n.* (ראיס′-הוויע′וול) דער רייז=ווארם אדער רייז=בויערער [אן אינזעקט, וואס שפייזט זיך מיט רייז און אנדערע תבואות און ברייננט פיעל שאדען די קארן=פעלדער אין די זידליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא און די רייז=פעלדער אין אינדיען].



Rice-weevil

rice′-wine *n.* (ראיס′-הוואין) רייז=וויין [א געטראנק געמאכט פון רייז, ווערט געברויכט אין כינא און יאפאן].

rich *a.* (ריטש) רייך; וואס פערמאגט פיעל, וואס האט בשפע; פרוכטבאר; ווערטהפאל, פראכטפאל; פון הויכען גראד אדער ווערטה: אנגענעהם, געשמאק [ווע- נען שפייזען, קלאנגען, קאלירען א. ז. וו.]; אויסערגעוועהנליך, אויסערארדענטליך.

rich (*the*) (ריטש) די רייכע, די גבירים, דער רייכער קלאס.

rich′es *n.* (ריטש′-עז) רייכקייט, רייכטום, עשירות; איבערפלוס, שפע.

rich′ly *adv.* (ריטש′-לי) רייך; פרעכטיג; בשפע, אין איבערפלוס.

rich′ness *n.* (ריטש′-נעס) רייכקייט; רייכטום, איבערפלוס; פרוכטבארקייט; פרעכטיגקייט; אנגענעהמליכקייט, געשמאקקייט.

ricin′ic *a.* (רי-סינ′-איק) ז. *ricinolic*.

ricino′leic *a.* (ריס-אי-נאו′-לי-איק) ז. *ricinolic*.

ricinol′ic *a.* (ריס-אי-נאל′-איק) וואס איז שייך צו ריצען=אויל, וואס ענטהאלט ריצען=אויל.

ricinol′ic ac′id (ריס-אי-נאל′-איק עס′-איד) ריצען=אויל זויערע.

Ric′inus *n.* (ריס′-אי-נאס) די ריצען=אויל פלאנצע. ז. *castor-oil plant*.

rick *n. and v.* (ריק) א הויפען, א קופע [היי אדער תבואה]; צוזאמענלעגען אין א הויפען, מאכען א קופע [פון היי אדער תבואה].

rick′er *n.* (ריק′-ער) א פארריכטונג אנצושארען היי און עס צונויפצולעגען אין א הויפען.

rick′etily *adv.* (ריק′-עט-אי-לי) וואקעלדיג, שוואך; ווי איינער וואס ליידט אויף דער ענגלישער קראנקהייט. ז. *rachitis*.

rick′etiness *n.* (ריק′-עט-אי-נעס) דאס קראנק זיין אויף דער ענגלישער קראנקהייט [ז. *rachitis*]; שוואכקייט, וואקעלדיגקייט.

rick′etish *a.* (ריק′-עט-איש) ז. *rickety*.

rick′ets *n.* (ריק′-עטס) די ענגלישע קראנקהייט [א מין קינדערשע קראנקהייט, ביי וועלכער די ביינער ווערען ווייך]. ז. *rachitis*.

rick′ety *a.* (ריק′-עט-אי) וואס איז קראנק אויף דער ענגלישער קראנקהייט [ז. *rachitis*]; שוואך, וואקעלדיג.

ricochet′ *n. and v.* (ריק-א-שיי′) ריקאשע, דאס מאכען קאטשקעלעך אדער דאס קלאפטער ווארפען [דאס ווארפען מיט א פלאכער זאך איבער דער פלעכע פון וואסער אזוי, אז עס זאל איינינגע מאל אבשפרינגען]; ריקאשעטירען [מאכען קאטשקעלעך אויף'ן וואסער].

ric′tal *a.* (ריק′-טעל) וואס איז שייך צו דער עפנונג פון א פויגעל=שנאבעל אדער פון א בלומען=קרוינדעל

ric′tus *n.* (ריק′-טאס) די עפנונג פון א פויגעל=שנאבעל; די עפנונג פון א בלומען=קרוינדעל.

rid *v. and a.* (ריד) בעפרייען [ווי פון א לאסט אדער שטערונג]; לויז מאכען אדער לויז ווערען [פון א צרה, פון א ראנה]; פטור ווערען; דערווייטערען; פערטרייבען; בעפרייט; לויז געווארען; אבגע'פטר'ט.

ri′dable *a.* (ראי′-דעבל) ז. *rideable*.

rid′dance *n.* (ריד′-ענס) די בעפרייאונג, דאס פריי מאכען; דאס פטור ווערען פון עפעס; דאס אבראמען פון וועג; דאס פערניכטען; די ערד וואס ווערט ארויסגעווארפען פון א חיה בעת זי גראבט זיך.

rid′den (ריד′ן) בעריטען, געפאהרען. ז. *ride*.

rid′der *n. and v.* (ריד′-ער) דער בעפרייער [פון א לאסט אדער צרה]; דער אויסלעזער; זיפען, איבערזיפען.

rid'dle *n. and v.* (רידל) א רעטעניש, א רעטזעל; אן אונפערשטענדליכע זאך; א פערזאן וועמעס אויפפיהרונג און האנדלונגען זיינען אונפערשטענדליך; א זיפ, א רעשעטע [פאר זאמד, קארן א. ד. ג.]; דורכזיפען דורך א זיפ; מאכען לעכלעך ווי אין א זיפ; מאכען ווענינער אין קוואנטיטעט [ווי דורך דורכזיפען]; בענוצען א זיפ אדער רעשעטע; לייזען א רעטעניש, ערקלערען; געבען צו פערשטעהן; צוטומלען, ברייננען אין א פערלעגענהייט; ריידען מיט רעטענישען.

rid'dle-like *a.* (ריד'ל-לאיק) ווי א רעטעניש.

riddlemeree' *n.* (רידל-מע-ריע') ז. *rigmarole*.

rid'dler *n.* (ריד'-לער) איינער וואס רעדט מיט רעטענישען; איינער וואס בענוצט א זיפ אדער רעשעטע.

rid'dling *a.* (ריד'-לינג) וואס רעדט מיט רעטענישען; וואס לעגט פאר א רעטעניש; וואס וויל עפעס טרעפען; רעטזעלהאפט.

rid'dlingly *adv.* (ריד'-לינג-לי) אויף א רעטזעלהאפטען אופן.

rid'dlings *n.* (ריד'-לינגז) די גראבע שטיקלעך וואס בלייבען אין זיפ נאכדעם ווי מען האט איבערגעזיפט זאמד, קארן א. ד. ג.

ride *v. and n.* (ראיד) רייטען; פאהרען; זיך טראגען [ווי א שיף אויף'ן וואסער]; שטעהן אויף'ן אנקער [ווענען א שיף]; ציהען זיך נאך עפעס; ווערען געטראגען אין דער הויך מיט טריאומף; בעווענען זיך מאיעסטעטיש אדער מיט גדלות; האבען די אויבערהאנד, הערשען, געוועלטיגען; דיענען אלס א מיטעל צום פאהרען אדער רייטען; הויבען זיך אדער ציהען זיך אין דער הויך [ווי א שלעכט געמאכטער ראק וואס ליעגט ניט גלאט אויף'ן רוקען]; אריבערטראגען, טראנספארטירען; דאס פאהרען רייטענדיג; אן אויספאהר; א וועג צום רייטען; א פלאץ אדער בעצירק וואס ווערט בעוואכט פון רייטענדע פאליציי-לייט.

ri'deable *a.* (ראי'-דעבל) אויף וועלכען מען קען רייטען; וואס מען קען דורכגעהן רייטענדיג.

ride about' (ראיד ע-באוט') ארומרייטען.

ride a hob'by (ראיד ע האב'-אי) נאכפאלגען נאך א טעאריע אדער געוועהנהייט, וואס איז דער פערזאן בעזונדערס ליעב.

ride and run (ראיד ענד ראן) רייטען אזוי גיך ווי מעגליך.

ride and tie (ראיד ענד טאי) פארויסרייטען און צובינדען צום סלופ [ווען צוויי פערזאנען רייטען אויף איין פערד: איינער רייט פארויס א שטרעקע און דאן שטעלט ער זיך אב און ווארט ביז דער צווייטער קומט אונטער. דאן רייט דער צווייטער א שטרעקע און ווארט פאר'ן ערשטען].

ride at an'chor (ראיד עט ענ'-קאר) זיין פעראנקערט, שטעהן אויף'ן אנקער אין מיטען וואסער [ווענען א שיף]; פאהרען שטיל.

ride away' (ראיד ע-הוויי') אוועקרייטען, אבפאהרען.

ride bod'kin (ראיד באד'-קין) פאהרען אלס א דריטע פערזאן צווישען צוויי אנדערע אין א וועגעל וואו עס קענען זיצען נור צוויי.

ride cir'cuit (ראיד סויר'-קיט) ארומפאהרען פון ארט צו ארט [ווענען א ריכטער וואס פאהרט ארום אין זיין בעצירק].

ride down (ראיד דאון) איבערפאהרען אימעצען רייטענדיג; טרעטען מיט די פיס; בעהאנדלען זעהר גראב.

ride ea'sy (ראיד איע'-זי) געהן לייכט [ווענען א שיף, ווען זיווארפט ניט און ציהט ניט אן צופיעל די שטריק פון די זעגלען].

ride hard (ראיד הארד) שווער געהן [ווענען א שיף, וועלכע ווארפט און ציהט אן שטייף די שטריק פון די זעגלען].

ri'dent *a.* (ראי'-דענט) מיט א ברייטען שמייכעל; מיט א הויכען געלעכטער.

ride off (ראיד אף) אוועקרייטען.

ride out (ראיד אוט) האלטען זיך מיט'ן שטראם; אויסשטעהן א שטורם-ווינד [ווענען א שיף אין ים].

ride out a storm (ראיד אוט ע סטאהרם) אויסהאלטען א שטורם; דורכמאכען א שווערען קאמפף.

ride o'ver (ראיד או'-ווער) רייטען איבער איינעמס קאפ; געוועלטיגען איבער איינעם מיט אכזריות.

ri'der *n.* (ראי'-דער) א רייטער; א פאהרער; א בערייטער פון פערד, א שטאל-מייסטער; א געשעפטס-רייזענדער; א צוזאץ, א ביילאגע צו א דאקומענט; יעדע פארריכטונג צו א זאך, וואס איז אויף איהר ארויפגעזעצט ווי רייטענדיג [ווי דאס בעוועגליכע באלאנס-שטיקעל אויף א וואג-שאל א. ד. ג.]; אן אלט-פרענקישע גאלדענע מטבע אין האלאנד.

ri'derless *a.* (ראי'-דער-לעס) וואס האט ניט אויף זיך קיין רייטער.

ride rough'shod (ראיד ראפ'-שאד) אויספיהרען אן עגאאיסטישען צוועק ניט קוקענדיג וועלכע פאלגען עס זאל ניט ברייננען פאר אנדערע.

ride rus'ty (ראיד ראס'-טי) זיך פעראקשנ'ען, זיך אנטקעגען שטעלען, זיך ניט וועלען אונטערווארפען.

ride the black don'key (ראיד טהי בלעק דאנ'-קי) זיין אין א שלעכטער לוינע.

ride the high horse (ראיד טהי האי האהרם) פערררייסען דעם קאפ, אננעהמען א שטאלצע מינע, רעדען אדער האלטען זיך מיט גדלות.

ride to hounds (ראיד טו האונדז) רייטען דירעקט נאך די הינד [אין יאגד אויף א פוקס].

ridge *n. and v.* (רידזש) א בערג-רוקען, א בערג-קאם; דער רוקען פון א חיה; די וואגע אדער אקער-שניט [דער שטרייף ערד וואס ווערט ארויפגעאקערט מיט'ן פלוג]; דער שפיץ פון א דאך; אויפהויבען אדער זיין אויפגעהויבען אין קנייטשען; מאכען בולט'ע שטרייפען אדער שורות [ווי א געאקערט פעלד].

ridge'-band *n.* (רידזש'-בענד) דער זאטעל-רימען.

ridged *a.* (רידזשד) וואס האט א רוקען, וואס האט א קאנטיגען אויסגעשטארצטען רוקען-ביין; אויסגעשטארצט ווי א רוקען-ביין; קאנטיג; שטרייפיג.

ridge'-drill *n.* (רידזש'-דריל) א זייה-מאשין צו זייהען צווישען די וואגען אדער אקער-שורות פון אן אויפגעאקערטען פעלד.

ridge'-fil'let *n.* (רידזש'-פיל'-עט) אין ארכיטעקטור — א רינג אדער קארניז צווישען צוויי פערטיעפונגען אויף א זייל אדער וואנד.

ridge'-har'row *n.* (רידזש'-הער'-או) אזא בראנע וואס קען בעריהרען ביידע זייטען פון אקער-שטרייף אויף אן אויפגעאקערטען פעלד.

ridg'el *n.* (רידזש'-על) א האלב קאסטרירטער באק [א באק, וועלכען מען האט אויסגעשניטען נור איין ביי].

ridge'let *n.* (רידזש'-לעט) א קליינע וואגע אדער אקער-שורה.

ridge'ling *n.* (רידזש'-לינג) ז. *ridgel*.

ridge'-pole *n.* (רידזש'-פאול) דער קווערבאלקען אויף'ן שפיץ דאך, וואו עס קומען זיך צונויף די קראקוועס אדער דאך-אונטערשטיצער.

ridge'-tile *n.* (רידזש'-טאיל) א געבויגענע דאך-פאן אדער דאכאווקע [א מין אויסגעבויגענער דאך-ציעגעל וואס לעגט זיך אוים אויף'ן שפיץ פון א דאך].

ridg'il *n.* (רידזש'-איל) ז. *ridgel*.

ridg'ling *n.* (רידזש'-לינג) ז. *ridgel*.

ridg'y *a.* (רידזש'-אי) בערג-און-טהאליג, מיט מעזשעס און בערגלעך; מיט רינעס; מיט קנייטשען.

rid'icule *n. and v.* (ריד'-אי-קיול) שפאט, אבלאכעריי; א רידיקול [א קליין געפלאכטען זעקעלע, וואס פרויען טראגען אין האנד]; מאכען חוזק פון אימעצען; אבלאכען.

rid'iculer *n.* (ריד'-אי-קיו-לער) אן אבלאכער, איינער וואס מאכט חוזק פון עפעס.

ridiculos'ity *n.* (רי-דיק-יו-לאס'-אי-טי) א לעכערליכע זאך; עפעס וואס רופט ארוים שפאט אדער געלעכטער.

ridic'ulous *a.* (רי-דיק'-יו-לאס) לעכערליך; וואס רופט ארוים שפאט אדער געלעכטער.

ridic'ulously *adv.* (רי-דיק'-יו-לאס-לי) אויף א לעכערליכען אדער אבסורדען שטייגער.

ridic'ulousness *n.* (רי-דיק'-יו-לאס-נעס) לעכערליכקייט; דאס זיין לעכערליך אדער אבסורד.

ri'ding *n.* (ראי'-דינג) דאס רייטען; דאס פאהרען.

ri'ding cul'tivator (ראי'-דינג קאל'-טי-וויי-טאר) א קולטיוואטאר, א יעטמאשין [אזא מאשין צום פאלען פעלדער אדער גערטנער, וועלכע ווערט געצויגען פון א פערד].

Riding Cultivator

ri'ding-hab'it *n.* (ראי'-דינג-העב'-איט) א רייזע-קלייד, א רייט-קלייד [פון א פרויענצימער].

ri'ding-hood *n.* (ראי'-דינג-הוד) א רייזע-קאפע [א מין קאפושאן וואס פרויען פלעגען טראגען אין 18טען יאהרהונדערט].

ri'ding-mas'ter *n.* (ראי'-דינג-מעס'-טער) א שטאל-מייסטער; א רייט-לעהרער.

ri′ding-robe *n.* (ראי′-דינג-ראוב) ז. *riding-habit*

ri′ding-school *n.* (ראי′-דינג-סקוהל) א רייט=שוהל [א שוהל וואו מען לערנט רייטען אויף פערד].

ri′ding-whip *n.* (ראי′-דינג-הוויפ) א קליין בייטשעל וואס ווערט בענוצט פון רייטער.

ridot′to *n.* (רי-ראט′-או) א פערזאמלונגס=פלאץ [א הויז אדער א זאאל פאר פערזאמלונגען]; א קאנצערט; א מאסקאראד=באל.

Ries′ling *n.* (ריעס′-לינג) ריעסלינג=וויין [א מין טייערער וויין, וועלכער ווערט פראדוצירט אין די רהיין=געגענדען פון דייטשלאנד און אויך אין קאליפארניע אין אמעריקא].

riet′boc *n.* (ריעט′-באק) ז. *rietbok*.

riet′bok *n.* (ריעט′-באק) דער ריעטבאק [אזא זיד=אפריקאנישע אנטילאפע].

rifacimen′to *n.* (רי-פא-טשי-מענ′-טא) דאס בענייען אדער צופאסען צו דער נייער צייט [וועגען א ליטעראַרישען אדער מוזיקאלישען ווערק].

rife *a.* (ראיף) 1. אין איבערפלוס, רייך אין עפעס, צאהלרייך; 2. פול, איבערפילט; 3. הערשענד, אלגעמיין אנגענומען, פערשפרייט; 4. מעגליך, לייכט.
1. The rain has been very rife this summer.
2. The meeting was rife with quarrels.
3. Rumors of a disaster were rife.

rife′ly *adv.* (ראיפ′-לי) אויף אן איבערפילטען, אפטען אדער אלגעמיינעם שטייגער.

rife′ness *n.* (ראיפ′-נעס) די פיעלקייט; די אפטקייט; די אלגעמיינהייט.

rif′fler *n.* (ריפ′-לער) א קליינע האלב=אויסגעבויגענע פייל וואס ווערט בענוצט צו פיילען אין זעהר קליינע פערטיעפונגען.

riff′raff *n.* (ריפ′-רעף) דער אבזאץ, די פסולת; דער אויסוואורף; דער פראסטער המון; אן ערב=רב.

ri′fle *n. and v.* (ראיפל) 1. א ביקס; א סאלדאט בעוואפענט מיט א ביקס, א קאראבינער; 2. אבנעהמען עפעס מיט גוואלט; בערויבען, בע'גזל'ענען; גנב'ענען, רויבען; 3. אויסשניידען פערטיעפונגען אין דעם ראהר פון א ביקס.
2. The burglars rifled the safe.



Rifle

ri′fle-bird *n.* (ראי′פל-בוירד) א מין אויסטראלישעם פאראדיז=פויגעלע מיט א לאנגען אויסגעבויגענעם שנאבעל.



Rifle-bird

ri′fleman *n.* (ראי′פל-מען) א קאראבינער, א סאלדאט בעוואפענט מיט א ביקס.

ri′fler *n.* (ראי′-פלער) א רויבער, א פלינדערער; א פאלק=פויגעל אדער סאקאל, וואס לאזט זיך ניט לערנען צום געיעג.

ri′fling *n.* (ראי′-פלינג) דאס רויבען, דאס ראבירען אדער פלינדערען; דאס אויסשניידען ספיראלע פערטיעפונגען אין דעם ראהר פון א ביקס.

ri′fling-machine′ *n.* (ראי′-פלינג-מע-שין′) א מאשין אויסצושניידען ספיראלע פערטיעפונגען אין דעם ראהר פון א ביקס.

rift *v., n. and a.* (ריפט) רייסען, שפאלטען; א ריס, א שפאלט; געשפאלטען.

rig *v. and n.* (ריג) אנטהאן, בעפוצען, דעקארירען; בעזארגען א שיף מיט שטריק און קאנאטען; בעזארגען מיט די נויטיגע מאטעריאלען צו כאפען פיש מיט א ווענטקע; דאס בעזארגען א שיף מיט שטריק; די נויטיגע מאטעריאלען צו כאפען פיש מיט א ווענטקע.

rigadoon′ *n.* (ריג-ע-דוהן′) דער ריגאדאן [א מין לוסטיגער טאנץ]; די מוזיק פאר אזא טאנץ.

riga′tion *n.* (ראי-גיי′-שאן) דאס בעוואסערען [פעלדער].

rig′ger *n.* (ריג′-ער) אויף א שיף — א שטריק=מייסטער [דער ווער עס האט אויפצופאסען אויף די שטריק]; אין א מאשין — א האנד=רעדעל מיט א געבויגענעם ראנד.

rig′ging *n.* (ריג′-אינג) דאס שטריק=ווערק פון א שיף.

rig′ging-loft *n.* (ריג′-אינג-לאהפט) א ווערק=שטוב וואו מען מאכט די שטריק=ווערק פון א שיף; דאס ארט אונטער'ן דאך פון א טעאטער, פון וועלכען עס ווערען ארונטערגעלאזען אויף שטריק די דעקאראציאנען.

rig′gish *a.* (ריג′-איש) צולאזען, פערשייט, ווילד.

rig′gite *n.* (ריג′-איט) א שפאס=טרייבער; איינער וואס טהוט אב א שפיצעל.

right *a., adv., n. and v.* (ראיט) רעכט, גראד, דירעקט; רעכטפערטיג, בדרך הישר; גערעכט, גוט; גערעכטיג; ריכטיג, געגוי, אין ארדנונג; פאסענד; רעכטס; אין א גראדער ריכטונג; אויף א רעכטען אדער ריכטיגען שטייגער; דאס רעכט; דאס אייגענטומס=רעכט; די אויטאריטעט; די פליכט; די געהעריגע ארדנונג; די רעכטע זייט; די רעכטע האנד; די גערעכטיגקייט; רעכטפערטיגען, פערטיידיגען; מאכען רעכט אדער אין ארדנונג.

right! *int.* (ראיט) ריכטיג! דירעקט!

right about′! (ראיט ע-באוט′) אין מיליטער — א קאמאנדע די סאלדאטען זאלען זיך האלב אומדרעהען נאך רעכטס.

right against′ (ראיט ע-גענסט′) גראד געגענאיבער.

right ahead′ (ראיט ע-העד′) גראד פון פארענט, גלייך פארויס.

right along′ (ראיט ע-לאהנג′) אונאונטערבראכען.

right and left (ראיט ענד לעפט) רעכטס און לינקס, אין אלע ריכטונגען.

right an′gle (ראיט ענגל) א רעכטער אדער גלייכער ווינקעל [א ווינקעל פון 90 גראד].

right′-an′gled *a.* (ראיט′-ענ′גלד) רעכט=ווינקעלדיג, מיט א גלייכען ווינקעל, מיט א ווינקעל פון 90 גראד.

right au′ricle (ראיט אח′-ריקל) דאס רעכטע אויבערשטע קעמערעל פון הארץ, אין וועלכען דאס בלוט פליסט אריין דורך די ווענען און ווערט פון דארטען געטריבען צו די אונטערשטע קעמערלעך. ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

right away′ (ראיט ע-הוויי′) גלייך, זאפארט.

right cone (ראיט קאון) א גלייכער קאנוס [א קאנוס וועמעס אקס איז זענקרעכט אדער פערפענדיקולאר און פאלט אריין אין מיטעלפונקט פון באזים].

right down (ראיט דאון) גראד ארונטער; אפען און פראסט; אהן צערעמאניעס; אפענהערציג.

right′en *v.* (ראיטן) גראד מאכען; רעכט מאכען.

right′eous *a.* (ראי′-טשיאס) רעכטפערטיג, גערעכטיג; גערעכט.

right′eously *adv.* (ראי′-טשיאס-לי) אויף א רעכטפערטיגען אופן.

right′eousness *n.* (ראי′-טשיאס-נעס) גערעכטיגקייט, רעכטשאפענהייט, רעכטפערטיגקייט.

right′er *n.* (ראיט′-ער) איינער וואס מאכט רעכט אדער גוט אן אונגערעכטע זאך.

right′ful *a.* (ראיט′-פול) רעכט, רעכטמעסיג, גערעכט.

right′fully *adv.* (ראיט′-פול-אי) אויף א גערעכטען אדער רעכטמעסיגען שטייגער.

right′fulness *n.* (ראיט′-פול-נעס) רעכטמעסיגקייט, גערעכטיגקייט.

right′-hand *a.* (ראיט′-הענד) וואס איז שייך צו דער רעכטער האנד; וואס דיענט אלס די רעכטע האנד; זעהר בעהילפיג.

right′-han′ded *a.* (ראיט′-הענ′-דעד) רעכט=הענטיג, וואס טהוט אלעס מיט דער רעכטער האנד; וואס איז געלעגט פון לינקס צו רעכטס.

right′-han′dedness *n.* (ראיט′-הענ′-דעד-נעס) דאס זיין רעכט=הענדיג, דאס טהאן אלץ מיט דער רעכטער האנד; דאס זיין געשיקט אין דער ארבייט.

Right Hon′orable (ראיט אנ′-אר-עבל) דער זעהר הויכווירדיגער [א טיטול פון הויכע בעאמטע].

right′ly *adv.* (ראיט′-לי) גראד, רעכטליך, מיט רעכט; אויף א גראדען, רעכטליכען אדער פאסענדען שטייגער.

right′-min′ded *a.* (ראיט′-מאינ′-דעד) מיט א גלייכען שכל; מיט א ריכטיגען פערשטאנד.

right′-min′dedness *n.* (ראיט′-מאינ′-דעד-נעס) דאס האבען א גלייכען שכל אדער ריכטיגען פערשטאנד.

right′ness *n.* (ראיט′-נעס) גראדקייט; ריכטיגקייט; גענויאיגקייט.

right of em′inent domain′ (ראיט אוו עמ′-אי-נענט דא-מיין′) דאס רעכט פון דער רעגיערונג צו פערנעהמען לטובת הכלל איינעמס אייגענטום, אבצאהלענדיג איהם דערפאר.

right of expatria′tion (ראיט אוו עקס-פיי-טרי-איי′-שאן) דאס רעכט צו ווערען א בירגער פון אן אנדער לאנד.

right off (ראיט אף) גלייך, זאפארט.
Call a doctor right off.

right of peti′tion (ראיט אוו פי-טיש′-אן) דאס רעכט פון פאלק צו דערלאנגען א פעטיציע דער רעגיערונג, אנווייזענדיג אויף זאכען מיט וועלכע דאס פאלק איז אונצופריעדען.

right of search (ראיט אוו סוירטש)

אין אינטערנאציאנאלען רעכט — דאס רעכט פון א קריעגס=שיף וואס בעלאנגט צו א מדינה, וועלכע פיהרט מלחמה, אבצושטעלען אויף'ן ים א האנדעלס=שיף פון א נייטראלער מלוכה און אונטערזוכען צי פיהרט זי ניט מיליטערישע פריפאסען און אנדערע קאנטראבאנדע.

right of vis'it (ראיט אוו וויז'-איט) דאס רעכט צו בעזוכען [פון א קריעגס=שיף, דאס רעכט צו אונטערזוכען, אויב א האנדעלס=שיף האט דאס רעכט צו פאהרען אונטער דעם פלאג אונטער וועלכען זי פאהרט].

right of way (ראיט אוו הוויי) דאס וועג=רעכט [דאס רעכט צו געברויכען א וועג].

right on (ראיט אן) גלייך.

right rev'erend (ראיט רעוו'-ע-רענד) הויכווירדיג [דער טיטול פון א בישאף].

right ven'tricle (ראיט ווענ'-טריקל) דאס רעכטע אונטערשטע קעמערל פון הארץ.
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*

right'ward *adv.* (ראיט'-הווארד) רעכטס=ווערטס, אין דער ריכטונג צו רעכטס.

right well (ראיט הוועל) רעכט גוט.

right whale (ראיט הווייל) אזא מין וואלפיש וואס האט א גרויסען קאפ און לאנגע שפיציגע הארן=פלאטען אין גומען.

rig'id *a.* (רידזש'-איד) וואס לאזט זיך ניט בויגען; אינבויגזאם, שטייף, פעסט, שטרענג, הארט.

rigid'ity *n.* (רי-דזשיד'-אי-טי) אונבויגזאמקייט, שטייפקייט; הארטקייט; פעסטקייט; שטרענגקייט.

rig'idly *adv.* (רידזש'-איד-לי) אויף אן אונבויגזאמען, שטייפען אדער שטרענגען שטייגער.

rig'idness *n.* (רידזש'-איד-נעס) ז. *rigidity*

rigleen' *n.* (ריג-ליען') א מין אויער=רינגעל.

rig'let *n.* (ריג'-לעט) א שמאלע לייסט; א ליניע וואס ווערט ארייגעשטעלט צווישען די ציילען פון דרוק=שריפט.

rig'marole *n.* (ריג'-מע-ראול) פוסטע רייד, פלוידעריי.

rigolette' *n.* (ריג-א-לעט') א מין טיכעל אדער שארף וואס פרויען פלעגען טראגען אויף'ן קאפ.

rig'or *n.* (ריג'-אר) שטייפקייט, הארטקייט; אונבויגזאמקייט; שטרענגקייט; גרויזאמקייט, אונפריינדליכקייט; אין מעדיצין — א שוידער.

rig'orism *n.* (ריג'-אר-איזם) ריגאריזם, איבערטריבענע שטרענגקייט, דאס מקפיד זיין אויף יעדע מינדעסטע קלייניגקייט [בעזונדערס אין זיטען און מדות]; אין דער קאטוילישער טעאלאגיע — די לעהרע, אז ווען ביי איינעם ערוועקט זיך א מינדעסטער חשד וועגען די כשר'קייט אדער רעכטמעסיגקייט פון א געוויסער זאך, זאל ער זי ניט טהאן, פונקט ווי זי וואלט געווען בפורש פערבאטען.

rig'orist *n. and a.* (ריג'-אר-איסט) דער ריגאריסט, איינער וואס איז צו שטארק מקפיד אויף יעדער קלייניגקייט [בנוגע צו זיטען, צום סטיל א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו ריגאריזם. ז. *rigorism*

rig'orous *a.* (ריג'-אר-אס) שטייף, פעסט, שטרענג, הארט.

rig'orously *adv.* (ריג'-אר-אס-לי) אויף א שטרענגען, פעסטען אדער הארטען שטייגער.

rig'orousness *n.* (ריג'-אר-אס-נעס) שטרענגקייט, הארטקייט, פעסטקייט, שטייפקייט.

rig'our *n.* (ריג'-אר) ז. *rigor*

rig'ourism *n.* (ריג'-אר-איזם) ז. *rigorism*

rig'-out *n.* (ריג'-אוט) די אויסשטאטונג.

Rigs'dag *n.* (ריגז'-דעג) דער ריגסדאג, דער דענישער פארלאמענט.

rigs'daler *n.* (ריגז'-דא-לער) דער ריקס=טאלער [א זילבערנע מטבע אין דענעמארק. האט דעם ווערטה פון אונגעפעהר 54 סענט].

Rig-Ve'da *n.* (ריג-וויי'-דא) די ריג=וועדא, דאס הויפט=בוך פון די וועדאס [די אינדישע הייליגע שריפטען]. ז. *Veda*

Ro'man *a.* and *n.* (ראו'-מען) רוימיש, וואס איז שייך צו רוים; וואס איז עהנ־ליך צו א רוימער: העלדיש, בראוו; אכזריות'דיג; וואס איז שייך צו דער רוימיש־קאטוילישער קירך; וואס איז שייך צו רוימישער אדער גלייכער דרוק־שריפט; א רוימער.

ro'man *n.* and *a.* (ראו'-מען) רוימישע דרוק־שריפט [אזא גלייכע שריפט]; וואס איז שייך צו רוימישער אדער גלייכער שריפט.

Ro'man ar'chitecture (ראו'-מען אר'-קי-טעק-טשור) רוימישע ארכיטעקטור, דער סטיל פון ארכיטעקטור אין אלטען רוים, וואס כאראקטעריזירט זיך מיט רונ־דע בויגענס און געוועלבען און מיט רונדע אדער פיער־קאנטיגע גריכישע זיילען].

Ro'man bal'ance (ראו'-מען בעל'-ענס) א רוימישע וואג, א בעזמען, וואו דער שטיץ־פונקט איז אויף איין ארט און די אראבהענגענדע וואג בעוועגט זיך ארויף און אראב. ז. *steelyard*.

Ro'man can'dle (ראו'-מען קענדל) רוימישע ליכט, די קוגעל־ראקעטע [א מין פייערווערק, וואס שיסט אויס מיט פיעל־פארביגע שטערען און קוגלען].

Ro'man Cath'olic (ראו'-מען קעטה'-א-ליק) רוימיש־קאטויליש, וואס איז שייך צו דער רוימיש־קאטוילישער קירך; א קאטויליק.

Ro'man Cath'olic Church (ראו'-מען קעטה'-א-ליק טשוירטש) די רוימיש־קאטוילישע קירך [די קריסטליכע קירך, וועלכע אנערקענט דעם רוימישען פאפסט אלס קריסטוס'עס פארשטעהער אויף דער ערד].

Ro'man Cathol'icism (ראו'-מען קע-טהאל'-אי-סיזם) קאטוליציזם, די דאגמען, לעהרען און פרינציפען פון דער רוימיש־קאטוילישער קירך.

Romance' *n.* and *a.* (רא-מענס') א ראמאנישע שפראך; וואס איז שייך צו די ראמאנישע שפראכען. ז. *Romance language*.

romance' *n.* and *v.* (רא-מענס') א ראמאנס, א פאעטישע ערצעהלונג, וועלכע ענטהאלט אין זיך מעהרערע פאנטאסטי־שע פאסירונגען און פאעטישע שטימונגען; א רימער־ראמאן; אין מוזיק — א רא־מאנס, א קורץ פאעטיש ליעבעס־ליעד

געזונגען אדער געשפיעלט אהן ווערטער; א צארטע מעלאדיע; א ליעד; דערצעהלען ראמאנסען אדער איבערטריבענע געשיכטען, זאגען ליגען; זיין ראמאנטיש; פאנטאזירען, בויען לופט=שלעסער.

Romance' lan'guage (רא–מענס' לענ'–גוועדזש) א ראמאנישע שפראך [א שפראך וואס שטאמט פון דער רוימישער אדער לאטיינישער שפראך, ווי פראנצויזיש, איטאליעניש, שפאניש אדער פארטוגעזיש].

roman'cer *n.* (רא–מענ'–סער) א ראמאנסען=שרייבער; איינער וואס דערצעהלט פאנטאסטישע געשיכטען.

roman'cist *n.* (רא–מענ'–סיסט) ז. ***romancer***

Ro'man em'pire (ראו'–מען עמ'–פאיר) די אלט=רוימישע אימפעריע.

Romanesque' *a.* (ראו–מע–נעסק') וואס איז שייך צו ראמאנעסק אדער די ענטארטעטע [פערדארבענע] רוימישע בויקונסט פון מיטעלאלטער; וואס איז שייך צו די ראמאנישע שפראכען, ווי פראנצויזיש, איטאליעניש א. ד. ג.

Romanesque' ar'chitecture (ראו–מע–נעסק' אר'–קי–טעק–טשור) ראמאנעסק, א סטיל אין מיטעלאלטערליכער ארכיטעקטור, וואס כאראקטעריזירט זיך מיט מאסיווע געביידען און רונדע ארקען אדער בויגענס.

Romanesque Architecture

Roman'ic *a.* (רא–מענ'–איק) ראמאניש, וואס איז שייך צו די ראמאנישע שפראכען [ווי איטאליעניש, שפאניש, פראנצויזיש א. ז. וו.]; וואס נעהמט זיך פון דעם רוימישען אלפאבעט [*a-b-c*].

Romanisa'tion *n.* (ראו–מענ–אי–זיי'–שאן) ז. ***Romanization***

Ro'manise *v.* (ראו'–מענ–איז) ז. ***Romanize***

Ro'manism *n.* (ראו'–מענ–איזם) די פרינציפען פון דעם רוימיש=קאטוילישען גלויבען; קאטוליציזם.

Ro'manist *n. and a.* (ראו'–מענ–איסט) אן אנהענגער פון דעם רוימיש=קאטוילישען גלויבען, א קאטוילִיק; קאטוילִיש.

Romaniza'tion *n.* (ראו–מענ–אי–זיי'–שאן) דאס ראמאניזירען, דאס מאכען רוימיש.

Ro'manize *v.* (ראו'–מענ–איז) ראמאניזירען, לאטיניזירען, מאכען עהנליך צו לאטייניש, געבען א לאטיינישע פארם; מאכען קאטוילִיש, בעקעהרען צום רוימיש=קאטוילישען גלויבען.

ro'manize *v.* (ראו'–מענ–איז) שרייבען אדער דרוקען מיט רוימישער שריפט.

Ro'man law (ראו'–מען לאה) דאס בירגער=רעכט, די סיסטעם פון יוריספרודענץ, וועלכע איז אויסגעארבייט געווארען אין דער רוימישער אימפעריע און ליעגט אלס פונדאמענט אין דעם בירגער=רעכט כמעט פון אלע מאדערנע אייראפעאישע פעלקער.

ro'man let'ters (ראו'–מען לעט'–ערז) רוימישע שריפט [אין דרוקעריי].

Ro'man nose (ראו'–מען נאוז) א רוימישע נאז, אן אויסגעבויגענע אדלער=נאז.

Ro'mano-Byz'antine *a.* (ראו'–מענ–או–ביז'–ען–טין) ראמאניש=ביזאנטיש; וואס איז שייך צו א מיטעלאלטערליכען סטיל אין ארכיטעקטור, וואו עס זיינען געמישט ראמאנישע עלעמענטען, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר מערב אייראפא, מיט ביזאנטישע, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר מזרח=אייראפא.

Ro'man or'der (ראו'–מען אהר'–דער) אין ארכיטעקטור — די רוימישע זיילען [אזא סטיל אין געבוי פון געוויסע זיילען].

Ro'man string (ראו'–מען סטרינג) אן איטאליענישע סטרונע [א זעהר גוטער מין סטרונעס פאר פידלען און אנדערע עהנליכע אינסטרומענטען].

roman'tic *a. and n.* (רא–מענ'–טיק) ראמאנטיש, וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א ראמאנס אדער אידעאלער פארשטעלונג פון עפעס; וואס האט צו טהאן מיט עפעס העלדישעס, וואונדערליכעס, איבערנאטירליכעס; כימעריש, פאנטאסטיש; מיט אן איבערטריבענעם ענטוזיאזם; וואס איז שייך צו די ראמאנסען אדער מיטעלאלטערליכער ליטעראטור; פאבעלהאפט, אונמעגליך, אויסגעטראכט; אין מוזיק — סענטימענטאל, ליידענשאפטליך, פאנטאסטיש; א ראמאנטיקער, אן אנהענגער פון דער ראמאנטישער שול. ז. ***romantic school***

roman'tical *a.* (רא–מענ'–טי–קעל) ראמאנטיש. ז. ***romantic***

roman'tically *adv.* (רא–מענ'–טי–קעל–אי) אויף א ראמאנטישען שטייגער. ז. ***romantic***

roman'ticism *n.* (רא–מענ'–טי–סיזם) דאס זיין ראמאנטיש. ז. ***romantic***

roman'ticist *n.* (רא–מענ'–טי–סיסט) א ראמאנטיקער. ז. ***romantic***

roman'ticness *n.* (רא–מענ'–טיק–נעס) ראמאנטישקייט, דאס זיין ראמאנטיש. ז. ***romantic***

roman'tic school (רא–מענ'–טיק סקוהל) די ראמאנטישע שול [די שול פון פאעזיע און קונסט בכלל אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט, וועלכע איז ארויסגעטראטען געגען די פערגליווערטע כללים פון דעם ביזהער=הערשענדען פסייודא=קלאסיציזם און האט אריינגעטראגען אין דער ליטעראטור און קונסט די עלעמענטען פון עטוואס פאנטאסטישעס און אויסערגעוועהנליכעס].

Ro'man vit'riol (ראו'–מען וויט'–רי–אל) קופער=וויטריאל, בלויער וויטריאל [בלויע קריסטאלען וואס בעקומען זיך פון פאנאנדערלאזען קופער אין שוועבעלזויערע. ווערט געברויכט אין גאלוואנאפלאסטיק, אין פארבען א. ז. וו.].

Rom'any *n. and a.* (ראמ'–ע–ני) א ציגיינער; ציגיינער=שפראך; וואס איז שייך צו די ציגיינער, ציגיינעריש.

roman'za *n.* (רא–מענ'–זא) א ראמאנזע, א ראמאנס [א קליין ליעבעס=ליעד, וואס ווערט געזונגען פון איין פערזאן אפט מיט דעם אקאמפאנימענט פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט].

rombow'line *n.* (ראמ–באו'–לין) אלטע אבגענוצטע שטריק און זעגלען פון א שיף.

Ro'mish *a.* (ראו'–מיש) רוימיש, פאפסטליך, קאטוילִיש.

Rom'many *n. and a.* (ראמ'–ע–ני) ז. ***Romany***

romp *n. and v.* (ראמפ) א גראבעס שפיעל; א שטיפעריי; א ווילד, צולאזען מיידעל; שטיפען.

rom'ping *n.* (ראמ'–פינג) דאס שטיפען, דאס קונדס'עווען.

rom'pish *a.* (ראמ'–פיש) ווילד, שטיפעריש; צולאזען.

rom'pishly *adv.* (ראמ'–פיש–לי) אויף א ווילדען, צולאזענעם אדער שטיפערישען שטייגער.

rom'pishness *n.* (ראמ'–פיש–נעס) צולאזענקייט, ווילדקייט.

ronde *n.* (ראנד) רונד=שריפט.

This type is Ronde

ron'deau *n.* (ראנ'–דאו) א ראנדא [אן ארט לירישעס געדיכט וואס בעשטעהט פון 13 שורות און די 9טע מיט דער 13טער חזר'ען איבער די ווערטער פון דער ערשטער שורה]; א מוזיקאלישעס שטיק, אין וועלכען די הויפט טעמא ווערט אויף פערשיעדענע אופנים איבערגע'חזר'ט.

ron'del *n.* (ראנ'–דעל) דאס ראנדעל [אן ארט לירישעס געדיכט פון 13 שורות, וואס איז אין אייניגע פרטים געבויט ווי א ראנדא]. ז. ***rondeau***

rondelle' *n.* (ראנ–דעל') א רונדע זאך; אין מיליטער — דאס ראנדעל [א רונדע פערשאנצונג ארום א פעסטונג].

ron'do *n.* (ראנ'–דאו) אזא קארטען=שפיעל; א ראנדא [ז. ***rondeau***].

rood *n.* (רוהד) א קרוציפיקס, א קרייץ, א צלם; א לענגען=מאס פון 16½ פוס; א לאנד=מאס פון א פיערטעל אקער [1200 קוואדראט יארד].

rood'-loft *n.* (רוהד'–לאהפט) די גאלעריע אין א קירך וואו עס שטעהט דער קרייץ אדער קרוציפיקס. ז. ***crucifix***

rood'-spire *n.* (רוהד'–ספאיר) ז. ***rood-steeple***

rood'-stee'ple *n.* (רוהד'–סטיע'פל) א קרייץ=טורם [א טורם וואס איז געבויט איבער דעם ארויפגאנג צום אלטאר אין א קירך].

rood'-tow'er *n.* (רוהד'–טאו'–ער) ז. ***rood-steeple***

roof *n. and v.* (רוהף) א דאך; א געוועלב; א דעק; א הויז; דער גומען; בעדעקען מיט א דאך; בעדעקען; איינשליסען אין א הויז; בעשיצען.

roof'age *n.* (רוהפ'–עדזש) דאס מאטעריאל פון וואס מען מאכט דעכער.

roof'er *n.* (רוהפ'–ער) א דאך=דעקער; איינער וואס פערריכט דעכער.

roof'-gar'den *n.* (רוהפ'–גאר'דן) א דאך=גארטען [א קינסטליכער גארטען אויף א דאך פון א געביידע]; אן אפענער אונטערהאלטונגס=פלאץ [ווי א טעאטער א. ד. ג.] אויף דעם דאך פון א געביידע.

roof'ing *n.* (רוהפ'–אינג) דאס בעדעקען מיט א דאך; דאס מאטעריאל מיט וואס מען דעקט א דאך; א דאך; א שוץ.

roof'ing-felt *n.* (רוהפ׳-אינג-פעלט) דאך־פילץ [אזא מאטעריאל וואס ווערט געמאכט פון האר־אבפאל און אנדערע מאטעריאלען געמישט מיט טער און פאבריצירט אין פלאטען צו בעדעקען דעכער].

roof'ing-pa'per *n.* (רוהפ׳-אינג-פיי׳-פער) דאך־פאפ [אזא דיק פאפיער געשמיערט מיט טער צו דעקען דעכער].

roof'less *a.* (רוהפ׳-לעס) אהן א דאך; דאכלאז; אהן א היים; אהן אן אבדאך, אונבעשיצט.

roof'let *n.* (רוהפ׳-לעט) א דעכעל.

roof'-like *a.* (רוהפ׳-לאיק) עהנליך צו א דאך.

roof of the mouth (רוהף אוו טהי מאוטה) דער גומען.

rooft *a.* (רוהפט) בעדעקט מיט א דאך.

roof'-tree *n.* (רוהפ׳-טריע) דער באלקען וואס איז אויף דעם שארף אדער שפיץ פון דאך; א דאך.

roof'-truss *n.* (רוהפ׳-טראס) דאס ראהמען־ווערק פון א דאך.

roof'y *a.* (רוהפ׳-אי) וואס האט א דאך, בעדעקט מיט א דאך.

rook *n. and v.* (רוק) א ראק אדער טהורם אין שאך־שפיעל; א שווינדלער, א בעטריגער; די זאט־קראהע [אזא שווארצע קליינע קראהע]; בעשווינדלען, בעטריגען.

rook'er *n.* (רוק׳-ער) אזא קאטשערע וואס בעקערס בענוצען ארויסצושארען אש פון אויווען; א שווינדלער, א בעטריגער.

rook'ery *n.* (רוק׳-ער-אי) א נעסט פון זאט־קראהעס; א פעררופענעם הויז אדער א פעררופענעם ארט [אן ארט פון גנבים, אויסוואורפען א. ד. ג.]; א חורבה, וואו גנבים בעהאלטען זיך; א נעסט פון פויגלען אדער חיות; א הייזער־קווארטאל וואס איז בעוואהנט פון די נידריגע קלאסען פון דער בעפעלקערונג.

rook'y *a.* (רוק׳-אי) פול מיט קראהעס אדער וואראנעס; נעבעלדיג, טומאנע.

room *n. and v.* (רוהם) 1. רוים, ארט, פלאץ; 2. א צימער, א קאמער; 3. א געלעגענהייט, אן אורזאך; 4. א טונקעלבלויע פארב, וואס ווערט ערהאלטען פון א געוויסער פלאנצע; 5. וואהנען, פערנעהמען א צימער.

1. There was no **room** to pass. 3. There is no **room** for doubt about the story.

room'age *n.* (רוהמ׳-עדזש) רוים, פלאץ.

roomed *a.* (רוהמד) צימערדיג, געטיילט אין צימערען.

He bought a ten-**roomed** house.

room'er *n.* (רוהמ׳-ער) א קווארטיראנט, איינער וואס דינגט ביי אימעצען א צימער.

room'ful *n. and a.* (רוהמ׳-פול) א פולע שטוב; גערעם; מיט א סך צימערען.

room'ily *adv.* (רוהמ׳-אי-לי) גערעם.

room'iness *n.* (רוהמ׳-אי-נעס) גערעמקייט.

room'less *a.* (רוהמ׳-לעס) אהן צימערען; ענג, וואס האט וועניג פלאץ.

room'-mate *n.* (רוהמ׳-מייט) א מיט־קווארטיראנט, איינער מיט וועמען מען וואהנט צוזאמען אין איין צימער.

room'-pa'per *n.* (רוהמ׳-פיי׳-פער) טאפעטען, אביטשעס, שפאליער.

room'-rid'den *a.* (רוהמ׳-ריד׳ן) צוגעשמיעדט צו דער היים, געבונדען צום הויז.

room'stead *n.* (רוהמ׳-סטעד) א לאזשי, א קווארטיר.

room'y *a.* (רוהמ׳-אי) גערעם, גערעמיג; גרוים.

roop *v. and n.* (רוהפ) שרייען אויף'ן קול; מאכען א גרויסען גערויש; א געשריי; הייזעריגקייט.

roo'py *a.* (רוה׳-פי) הייזעריג.

roor'back *n.* (רוהר׳-בעק) אן אויסגעטראכטע מעשה וואס מען דרוקט אין א צייטונג צוליעב פאליטישע צוועקען און וועלכע ווייזט זיך ארויס פאלש און האט אן אומגעקעהרטע ווירקונג; א פאליטישער ליגען.

roost *n. and v.* (רוהסט) א היהנערשטאנג, א לאקטע, א סיעדעלע; עופות וואס זיצען אויף א סיעדעלע; א צייטווייליגער רוהע־ארט; זיצען אויף א סיעדעלע; זיך האלטען אויף אן אברוה־פלאץ; אוועקזעצען אויף א סיעדעלע.

roost'-cock *n.* (רוהסט׳-קאק) ז. *rooster*.

roos'ter *n.* (רוהס׳-טער) א האהן.

root *n. and v.* (רוהט) א ווארצעל; עטוואס וואס איז עהנליך צו א ווארצעל; דער אורשפרונג, די ערשטע אורזאכע, דער גרונד; דער עיקר; דער באדען, דער פונדאמענט; דער שטאם; דאס שטאמווארט, די שטאם־זילבע [דער ווארצעל פון א ווארט פון וועלכען עס שטאמט ארוים, ווי צ. ב. דער ווארצעל פון ווארט "פרייהייט" איז דאס ווארט "פריי"]; אין מאטעמאטיק — די ווארצעל־צאהל [די צאהל וואס ווען זי ווערט גע'כפל'ט אויף זיך אליין גיט זי די אנגעגעבענע צאהל. צ. ב. 5 איז א ווארצעל־צאהל פון 25 אדער 2 איז א ווארצעל־צאהל פון 8, ווייל ווען מען כפל'ט די צאהל 2 דריי מאל בעקומט זיך 8]; דער סך־הכל, די טאטאלע סומע; זיך איינווארצלען; זיך בעפעסטיגען; ארויסלאזען ווארצלען; איינווארצלען; טיעף איינפלאנצען; בעפעסטיגען; גראבען מיט'ן שנוק ווי א חזיר; צושטערען, אויסראטען, פערטיליגען.

roo'tage *n.* (רוה׳-טעדזש) פערניכטונג, פערטיליגונג, צושטערונג.

root and branch (רוהט ענד ברענטש) האק און פאק.

root and branch refor'mer (רוהט ענד ברענטש רי-פאהר׳-מער) אן אולטראראדיקאל [א זעהר ראדיקאלער].

root'-beer *n.* (רוהט׳-ביער) ווארצעלביער [אזא ביער וואס ענטהאלט דעם זאפט פון געוויסע פלאנצען־ווארצלען].

root'-bor'er *n.* (רוהט׳-באור׳-ער) אן אינזעקט וואס צופרעסט די ווארצלען פון פלאנצען.

root'-bound *a.* (רוהט׳-באונד) פעסט איינגעווארצעלט; ווי איינגעוואקסען.

root'-brea'ker *n.* (רוהט׳-בריי׳-קער) א מאשין צום צוהאקען קארטאפעל, ריבען, קרוטשקע א. ד. ג. אלס פוטער פאר בהמות.

roo'ted *a.* (רוה׳-טעד) איינגעווארצעלט; וואס האט א ווארצעל.

roo'tedly *adv.* (רוה׳-טעד-לי) טיעף, פון גרונד אויס, פון הארצען.

roo'tedness *n.* (רוה׳-טעד-נעס) איינגעווארצעלטקייט.

roo'ter *n.* (רוה׳-טער) אן איינגעווארצעלטער; אן אויסווארצלער, אן אויסראטער.

root'fast *a.* (רוהט׳-פעסט) פעסט איינגעווארצעלט.

root'-fi'bril *n.* (רוהט׳-פאי׳-בריל) א קליין ווארצעלע, א קליין ווארצעל־צווייגעל.

root'-for'ceps *n.* (רוהט׳-פאהר׳-סעפס) די צוואנגען וואס א דענטיסט בענוצט צום ארויסציהען צייהנער־ווארצלען.

root'-hair *n.* (רוהט׳-העהר) א קליין דין ווארצעל־צווייגעלע.

root'-house *n.* (רוהט׳-האוס) א הויז געבויט פון ווארצלען; א הויז אבצולעגען אויף ווינטער ווארצעל־פלאנצען [ווי קארטאפעל, ריבען, בוריקעס א. ד. ג.].

roo'ting *a. and n.* (רוה׳-טינג) איינווארצלענדיג זיך; אויסראטענד; דאס איינווארצלען זיך; אויסראטונג.

root'-leaf *n.* (רוהט׳-ליעף) א ווארצעלבלאט [א בלאט וואס וואקסט ארויס פון ווארצעל אדער נאהנט צו איהם].

root'less *a.* (רוהט׳-לעס) אהן ווארצלען; וואס קען זיך ניט האלטען, גרונדלאז, ניט בעפעסטיגט.

root'let *n.* (רוהט׳-לעט) א ווארצעלע.

root of the mat'ter (רוהט אוו טהי מעט׳-ער) דער עיקר פון דער זאך.

root out (רוהט אוט) אויסווארצלען, אויסרייסען מיט'ן ווארצעל, אויסראטען.

root'-par'asite *n.* (רוהט׳-פער׳-ע-סאיט) א ווארצעל־פאראזיט [א פלאנצע וואס וואקסט אויף דעם ווארצעל פון אן אנדער פלאנצע].

root'stock *n.* (רוהט׳-סטאק) דער ווארצעל אדער גרונד פון עפעס, דער עיקר; א ווארצעל.

root up (רוהט אפ) ז. *root out*.

roo'ty *a.* (רוה׳-טי) ווארצעלדיג.

ropal'ic *a.* (רא-פעל׳-איק) ז. *rhopalic*.

rope *n. and v.* (ראופ) א שטריק; א שנור; זיין אויסגעצויגען ווי א פאדים אדער ווי א שטריק; ארומציהען מיט א שטריק; ציהען ווי מיט א שטריק; צונויפבינדען מיט א שטריק; בעפעסטיגען מיט א שטריק; איינהאלטען, איינציהען [ווי א רייטער זיין פערד]; פאנגען מיט א שלייף־שטריק אדער שלינגע [לאסא].

rope'bark *n.* (ראופ׳-בארק) לעדערהאלץ [אזא מין אמעריקאנער פלאנצע].

rope bridge (ראופ ברידזש) א בריק וואס הענגט אויף שטריק.

rope'-clamp *n.* (ראופ׳-קלעמפ) א שטריק־קלאמער [אזא קלאמער מיט א רינג אדער האקען וואס ווערט בעפעסטיגט צו דעם ענד פון א שטריק; א קלאמער צום פערהאלטען א בעוועגליכען שטריק].

rope'-clutch *n.* (ראופ׳-קלאטש) אזא פארריכטונג איינצוקלעמען דעם ענד פון א שטריק.

rope'-cord *n.* (ראופ׳-קאהרד) א דיקער פאזמאנטער שנור.

rope'-dan'cer *n.* (ראופ׳-דענ׳-סער) א שטריק־טענצער.

rope'-dan'cing *n.* (ראופ׳-דענ׳-סינג) דאס טאנצען אדער געהן אויף א שטריק.

rope'-end *v.* (ראופ׳-ענד) ז. *rope's-end*.

rope'-house *n.* (ראופ׳-האוס) א פלאץ צום אויסדאמפפען זאלץ.

rope in (ראופ אין) ארײנשלעפען, ארײנציהען [אין אן אונטערנעהמונג, אין א געזעלשאפט א. ד. ג.].

I was **roped in** for this party before I realized it.

rope lad'der (ראופ לעד׳-ער) א שטריקלייטער [א לייטער געמאכט פון שטריק].

rope'-machine' *n.* (ראופ׳-מע-שין׳) א מאשין צו דרעהען שטריק.

rope'-ma'ker *n.* (ראופ׳-מיי׳-קער) א שטריק־מאכער.

rope'-ma'king *n.* (ראופ׳-מיי׳-קינג) שטריק־פאבריקאציאן.

rope of sand (ראופ אוו סענד) א שוואכע פערבינדונג [ווי א שטריק פון זאמד].
rope'-pull *n.* (ראופ'-פול) ז. *tug of war*.
rope'-pump *n.* (ראופ'-פאמפ) א שטריק-פומפ [אזא וואסער-פומפ, וועלכע ארבייט דורך אן ענדלאזען שטריק וואס איז געצויגען אויף א ראלע].
ro'per *n.* (ראו'-פער) א שטריק-מאכער; איינער וואס פערבינדט געפעק מיט שטריק; א פערפיהרער; א שווינדלער; איינער וואס פערדיענט א שטריק [געהאנגען צו ווערען]; איינער וואס ווארפט א לאסא [א שלינגע, א שלייף-שטריק צו פאנגען ווילדע פערד, אקסען א. ד. ג.].
rope'-rail'way *n.* (ראופ'-רייל'-הוויי) א זייל-באהן, א שטריק-באהן [א באהן וואו די וואגאנען ווערען געצויגען מיט שטריק, ווי ביי בערג-באהנען א. ד. ג.].
rope'-ripe *a.* (ראופ'-ראיפ) רייף פאר דער תליה, וואס פערדיענט געהאנגען צו ווערען.
ro'pery *n.* (ראו'-פער-אי) א פלאץ וואו שטריק ווערען געמאכט.
rope's end (ראופס ענד) א שטיקעל שטריק; דער ענד פון א שטריק [צום שמייסען].
rope's'-end *v.* (ראופס'-ענד) שמייסען מיט א שטריק.
rope'-shaped *a.* (ראופ'-שייפט) וואס האט די פארם פון א שטריק.
rope'-sock'et *n.* (ראופ'-סאק' עט) ז. *rope-clamp*.
rope'-spin'ner *n.* (ראופ'-ספינ'-ער) א שטריק-דרעהער, א שטריק-מאכער.
rope'-spin'ning *n.* (ראופ'-ספינ'-אינג) שטריק-דרעהעריי; דאס דרעהען שטריק.
rope'-stitch *n.* (ראופ'-סטיטש) א שטריק-שטאך [אזא ארט אויסנעהען וואו די שטעך ווערען אזוי געמאכט דאס עס זאל האבען דעם אויסזעהן פון א שטריק].
rope'-trick *n.* (ראופ'-טריק) א פאקוס אדער קונץ וואס ווערט געמאכט מיט א שטריק.
rope'walk *n.* (ראופ'-הוואהק) א שטריק-פאבריק.
rope'-wal'ker *n.* (ראופ'-הוואה'-קער) ז. *rope-dancer*.
rope'way *n.* (ראופ'-הוויי) ז. *rope-railway*.
rope'-work *n.* (ראופ'-הווירק) דעקאראציאנס-ארבייט וואס איז געמאכט אין דער פארם פון שטריק.
rope'-yarn *n.* (ראופ'-יארן) קאבעל-גארן [באוועל צוגויפגעדרעהט פון מעהרערע פעדים].
ro'pily *adv.* (ראו'-פי-לי) אויף דעם אופן פון א שטריק, אזוי אז עס זאל קענען אויסגעצויגען ווערען ווי א שטריק אדער ווי א פאדים; ציהעדיג, קלעפיג.
ro'piness *n.* (ראו'-פי-נעס) דאס קענען ווערען אויסגעצויגען ווי א שטריק אדער ווי א פאדים; ציהעדיגקייט, קלעפיגקייט.
ro'py *a.* (ראו'-פי) אזוי ווי א שטריק וואס קען אויסגעצויגען ווערען אין א פאדים [אזוי ווי א קלעפיגער און זיך ציהענדער שטאף]; וואס ציהט זיך אין פעדים; קלעפיג, ציהיג.
roqu'elaure *n.* (ראק'-ע-לאור) אזא מין קורצע פעלערינע וואס מען פלעגט טראגען אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט.
roqu'elo *n.* (ראק' ע-לאו) ז. *roquelaure*.
roquet' *v. and n.* (רא-קיי') אין קראקעט-שפיעל — א קלאפ טהאן אין באל, אז ער זאל אנטרעפען דעם באל פון דעם צווייטען שפיעלער; א קלאפ אין באל דורך וועלכען ער ווערט געטריבען צו דעם באל פון צווייטען שפיעלער און קלאפט איהם אן.
ro'ral *a.* (ראו'-רעל) פול מיט טוי, בעדעקט מיט טוי.
rore *n.* (ראור) טוי.
ro'ric *a.* (ראו'-ריק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו טוי; טויאיג.
ro'rid *a.* (ראו'-ריד) ז. *roral*.
rorif'erous *a.* (רא-ריפ'-ע-ראס) וואס ברייננט טוי.
rorif'luent *a.* (רא-ריפ'-לו-ענט) וואס טריפט מיט טוי.
ror'qual *n.* (ראהר'-קהוועל) דער ראר-קוואל [אזא וואלפיש מיט א זעהר גרויסען מויל און מיט א פלוס-פעדער אויף'ן רוקען].
ro'rulent *a.* (ראו'-רו-לענט) שטויביג, בעדעקט מיט שטויב וואס קען אבגעווישט ווערען [וועגען אינזעקטען].
Rosa'ceæ *n.* (רא-זיי'-סי-אי) רויזען-ארטיגע פלאנצען.
rosa'ceous *a.* (רא-זיי'-שיאס) רויזען-ארטיג, אזוי ווי רויזען; פון רויזען-קאליר.
rosa'ria *n.* (רא-זיי'-רי-א) רויזען-גערטנער. ז. *rosarium*.
rosa'rian *n.* (רא-זיי'-רי-ען) א רויזען-פלאנצער, איינער וואס קולטיווירט רויזען.
rosa'rium *n.* (רא-זיי'-רי-אם) א רויזען-גארטען.
ro'sary *n.* (ראו'-זע-רי) דאס ראזען-קראנץ [א שנירעל פאטשערקעס וואס ווערט געברויכט ביי קאטויליקען צו צעהלען די תפילות און דאס בוקען זיך אין קירך]; די צאהל פון תפילות וואס ווערען געצעהלט מיט די פאטשערקעס; א גירלאנדע פון רויזען; א זאמלונג פון אויסגעקליבענע ליטעראַרישע ווערק; א גארטען אדער בייט פון רויזען.
Roscicru'cian *n. and a.* (ראו-זי-קרוה'-שי-ען) ז. *Rosicrucian*.
ros'cid *a.* (ראס'-איד) פון טוי, וואס ענטהאלט טוי.
rose *n., a. and v.* (ראוז) א רויז; א רויזען-קוסט אדער בוש; רויזען-קאליר; א ראזעטקע [אזא באנד-שלייפעל אין דער פארם פון א רויז]; אין ארכיטעקטור — אן ארנאמענט אין דער פארם פון א רויז; פולע בליהונג, א פרישע רויטקייט; די ראזעטע [א געוויסע פארם פון געשליפענע דימענטען]; פון א רויזען-קאליר; וואס איז אין פולער בליהונג; מאכען ראזעווע, צוגעבען א פרישע רויטקייט; מאכען שמעקען ווי א רויז.

Rose

rose (ראוז) אויפגעגאנגען; אויפגעשטאנען, אויפגעשטיגען. ז. *rise*.
rose'-aca'cia *n.* (ראוז'-ע-קיי'-שיא) די רויט-בליהענדע אקאציע [א מין קוסט אדער קליין ביימעל מיט גרויסע רויטע בלומען].
ro'seal *a.* (ראו'-זי-על) ווי א רויז; פון א רויזען-קאליר.
rose'-ap'ple *n.* (ראוז'-עפ'ל) דער יאמבוס-בוים [א בוים וואס וואקסט אין די טראפישע לענדער, בעזונדערס אין צענטראל-אמעריקא, מיט זעהר שעהנע בלעטער און בלומען].
ro'seate *a.* (ראו'-זי-אייט) פול מיט רויזען; פון א רויזען-קאליר.
ro'seate tern (ראו'-זי-אייט טוירן) די פאראדיז-שוואלב [א קליין שוואלב-עהנליך פויגעלע מיט פיעלפארביגע קאלירען].
rose'-bay *n.* (ראוז'-ביי) דער רויזען-לארבער, דער אלעאנדער [א גרויסער קוסט מיט שמאלע לענגליכע בלעטער און גרויסע רויטע אדער ווייסע בלומען].
rose'-bee'tle *n.* (ראוז'-ביע'טל) דער רויזען-זשוק [א מין זשוק וואס געפינט זיך צווישען רויזען און שאדעט זיי].
rose'-breas'ted gros'beak (ראוז'-ברעס'-טעד גראוס'-ביעק) דער דיק-שנאבלער [א קליינער און זעהר שעהנער אמעריקאנער זינג-פויגעל]. ז. איל. *"Birds of the U. S."*
rose'bud *n.* (ראוז'-באד) די קנאספע פון א רויז; א יונג מיידעל אין איהר ערשטער בליהונגס-צייט.
rose'-bug *n.* (ראוז'-באג) ז. *rose-beetle*.
rose'-bur'ner *n.* (ראוז'-בויר'-נער) א גאז-ברענער, וואס ברענט אזוי אז די פלאמען בילדען עטוואס עהנליכעס צו א בלום.
rose'-bush *n.* (ראוז'-בוש) א רויזען-קוסט [א קוסט אויף וועלכען עס וואקסען רויזען].
rose'-cam'pion *n.* (ראוז'-קעמ'-פי-אן) די פעקסיער-נעלקע [אזא מין גארטען-בלום].
rose'-cha'fer *n.* (ראוז'-טשיי'-פער) ז. *rose-beetle*.
rose'-cheeked *a.* (ראוז'-טשיעקט) מיט רויטע באקען.
rose'-cold *n.* (ראוז'-קאולד) א מין קאטאר צוזאמען מיט אן ענטצינדונג וואס קומט פון בליטהען-שטויב אין אנפאנג זומער. ז. *hay-fever*.
rose'-col'or *n.* (ראוז'-קאל'-אר) רויזען-פארב; שעהנקייט, אנגענעהמליכקייט.
rose'-col'ored *a.* (ראוז'-קאל'-ארד) רויזען-פארביג; אויסערגעוועהנליך שעהן.
rose'-cross *n.* (ראוז'-קראהס) א רויזען-צלם, דער סימבאל פון די ראזענקרייצער [א סעקטע פון 17טען יאהרהונדערט]. ז. *Rosicrucian*.
Rose'-Cross *n. and a.* (ראוז'-קראהס) ז. *Rosicrucian*.
rose'-cut *a.* (ראוז'-קאט) געשליפען אין דער פארם פון א ראזעטע [וועגען דימענטען].
rose'-drop *n.* (ראוז'-דראפ) א פלעצעל אדער קוכען מיט א רויזען-גערוך; אן אויער-רינגעל; א פרישטש אדער רויטע פלעקען אויף דער נאז פון צופיעל שכור'ען.
rose'-fe'ver *n.* (ראוז'-פיע'-ווער) ז. *rose-cold*.
rose'-fish *n.* (ראוז'-פיש) דער דארש [אזא מין רויטער פיש, וועלכער געפינט זיך ארום די נארד-ברעגען פון אטלאנטישען אקעאן].
rose'-fly *n.* (ראוז'-פלאי) ז. *rose-beetle*.
rose'-gall *n.* (ראוז'-גאהל) דער רויזען-שוואם [א מין אנוואוקס אויף רויזען-בלומען].
rose'-house *n.* (ראוז'-האוס) א רויזען-אראנזשערע.
rose'-hued *a.* (ראוז'-היוד) רויזען-פארביג.
rose'-knot *n.* (ראוז'-נאט) א ראזעטקע

אדער א שלייף פון א באנד אין דער פארם פון א רויז.

rose'-leaf *n.* (ראוז'-ליעף) א רויזען-בלאט.

rose'-mal'low *n.* (ראוז'-מעל'-או) די שטאק-רויז [א מין גראז-ארטיגע פלאנצע פון די ווארימע לענדער מיט רויטע און ווייסע בלומען].

rose'mary *n.* (ראוז'-מע-רי) ראזמארין [א מין אייביג-גרינע קוסט-ארטיגע פלאנצע פון דרום-אייראפא מיט גרויליכע בלעטער און טונקעל-בלויע בלומען. ווערט גע-ברויכט אין מעדיצין].

Rosemary

rose'-no'ble *n.* (ראוז'-נאו'בל) דער רויזענאבל [א פארצייטיגע ענגלישע מטבע].

rose of Jer'icho (ראוז אוו דזשער'-אי-קאו) די יריחו-רויז [אזא קליינע פלאנצע מיט ווייסע בליהונגען, וואס וואקסט אין די מדבריות פון עגיפטען, סיריען און פאלעסטינא. ווען זי איז טרו-קען, ווערט זי צונויפגעצויגען; ווען מען בעשפריינקעלט זי מיט וואסער, לאזט זי זיך ווידער פאנאנדער].

rose'-oil *n.* (ראוז'-איל) רויזען-אויל.

rose'ola *n.* (רא-זי'-א-לא) אין מעדי-צין — ראזעאלא, א מין רויטליכער הויט-אויסשלאג, וואס קומט אפט פאר ביי פי-בער-קראנקהייטען.

rose'olar *a.* (רא-זי'-א-לאר) וואס איז שייך צו ראזעאלא. ז. *roseola*.

rose'-pink *n. and a.* (ראוז'-פינק) העל-ראזעווע פארב; העל-ראזעווע. ז. איל. *"Colors"*.

rose'-quartz *n.* (ראוז'-קוואהרטס) א מין דורכזיכטיגער קווארץ [אזא מינע-ראל] פון א העל-ראזעווען אדער טונ-קעל-ראזעווען קאליר.

rose'-rash *n.* (ראוז'-רעש) ז. *roseola*.

rose'-red *a. and n.* (ראוז'-רעד) רוי-זען-רויט; א העל-רויטער קאליר.

rose'root *n.* (ראוז'-רוהט) דער רויזען-ווארצעל [א מין היכעם גראז מיט געל-בע אדער רויטליכע בליטהען, וואס וואקסט אין פעלזען-שפאלטען].

ro'sery *n.* (ראו'-זער-אי) אן ארט וואו רויזען וואקסען.

ro'set *n.* (ראו'-זעט) א רויטע פארב [פאר מאלער].

rose'ta *n.* (רא-זי'-טא) רויזען-גערטנער. ז. *rosetum*.

rose'-tree *n.* (ראוז'-טריע) א רויזען-בוימעל, א רויזען-קוסט.

rosette' *n.* (רא-זעט') א ראזעטקע, אן ארנאמענט אויף א געביידע אדער א באנד-שלייפעל אין דער פארם פון א רויז; עפעס וואס איז ענליך צו א רויז אין איהר פולער בליהונג; א מין קראנקהייט פון פערסיק-בוימער.

roset'ted *a.* (רא-זעט'-עד) בעפוצט מיט א ראזעטקע. ז. *rosette*.

rose'tum *n.* (רא-זי'-טאם) א רויזען-גארטען, א פלאץ צום קולטיווירען רויזען.

rose-vin'egar *n.* (ראוז'-ווינ'-אי-גאר) רויזען-עסיג [עסיג מיט געווייקטע רוי-זען-בלעטלעך. ווערט געברויכט אלס מי-טעל געגען קאפ-וועהטאג און צו פערטרייי-בען א שלעכטען גערוך].

rose'-wa'ter *n. and a.* (ראוז'-וואה'-טער) רויזען-וואסער [וואסער צוגעריכט מיט רויזען-אויל]; וואס שמעקט ווי רוי-זען-וואסער; אנגענעהם, דעליקאט.

rose'-win'dow *n.* (ראוז'-ווינ'-דאו) א רונד פענסטער איינגעטיילט אין שויבען אזוי, דאס עס זעהט אויס ווי א רויז אדער ראז-זעטע.

Rose-window

rose'wood *n.* (ראוז'-הוואוד) רוי-זען-האלץ [דאס האלץ פון געוויסע בוימער וואס וואקסען אין בראזיליען].

rose'wort *n.* (ראוז'-הווארט) ז. *roseroot*.

rose'-yard *n.* (ראוז'-יארד) א רויזען-גארטען.

Rosh Hasha'na (ראוש העס-שא'-נא) ראש השנה.

Rosicru'cian *n. and a.* (ראו-זי-קרוה'-שי-ען) א ראזענקרייצער [א מיטגליעד פון א געוויסער געהיימער געזעלשאפט אין דייטשלאנד פון 15טען יאהרהונדערט]; וואס איז שייך צו א ראזענקרייצער.

ro'sily *adv.* (ראו'-זי-לי) מיט דעם קא-ליר אדער גערוך פון א רויז.

ros'in *n. and v.* (ראז'-אין) סמאלע, פעך אדער גומי; קאלאפאניע [דער שטאף מיט וואס מען רייבט אן דעם סמיטשיק פון א פידעל]; אנרייבען מיט פעך אדער קאלאפאניע.

ros'ined *a.* (ראז'-אינד) בעדעקט אדער אנגעריבען מיט פעך אדער קאלאפאניע.

ro'siness *n.* (ראו'-זי-נעס) רויזען-פארביגקייט, דאס האבען דעם קאליר אדער גערוך פון א רויז.

ros'in-oil *n.* (ראז'-אינ-איל) הארץ-אויל [אויל וואס ווערט געצויגען פון דעם פעך-זאפט פון סאסנאווע אדער אנ-דערע עהנליכע בוימער].

ros'iny *a.* (ראז'-אינ-אי) פעכיג, גומי-דיג.

ros'marine *n. and a.* (ראז'-מע-רין) די ראזמעריז, א וואלראס, א מארזש [אמאל פלעגט מען דיזע חיה פארשטע-לען ווי א משונה'דיגע בריאה, וועלכע ערנעהרט זיך מיט טוי]; וואס איז שייך צו א וואלראס. ז. *walrus*.

roso'lio *n.* (רא-זאו'-ליאו) אזא רויטער וויין פון מאלטא.

ross *n. and v.* (ראס) די אויסערע גרא-בע קארע פון א בוים; ארויסשניידען די גראבע קארע [פון א בוים].

ros'signol *n.* (ראס'-אי-ניאל) די נאכ-טיגאל.

ros'soli *n.* (ראס'-א-לי) ראסאליס [אזא מין איטאליענישער ליקער].

ros'tel *n.* (ראס'-טעל) ז. *rostellum*.

ros'tellate *a.* (ראס'-טע-לייט) געשנא-בעלט; וואס האט א קליינעם שנאבעל-עהנליכען אנוואוקס; וואס האט א קליין ווארצעלע אדער שנאבעל אין די זאט [פון פלאנצען].

rostel'liform *a.* (ראס-טעל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א ווארצעלע אין די זאט [פון א פלאנצע].

rostel'lum *n.* (ראס-טעל'-אם) א קליינע אנוואקסונג אדער שנאבעלע אויף דעם זאט פון א פלאנצע.

ros'ter *n.* (ראס'-טער) א רייסטער פון נעמען; אין מיליטער — א רייסטער וואו עס איז פערצייכענט וואו און ווען די פערשריעבענע סאלדאטען און אפיציערען דארפען קומען צום דיענסט איינער נאך'ן אנדערען.

ros'tral *a.* (ראס'-טרעל) שנאבעל-ארטיג, ווי א שנאבעל.

ros'tral col'umn (ראס'-טרעל קאל'-אם) א זייל וואס ווערט געשטעלט אלס דענקמאל פון נצחון אויף'ן ים. די אר-נאמענטען אויף אזא זייל שטעלען אפט מיט זיך פאר דעם שנאבעל אדער פא-דערשטען שפיץ פון א שיף.

ros'trate *a.* (ראס'-טרייט) שנאבעלדיג, וואס האט א שנאבעל; אין באטאניק — וואס האט א שנאבעל-עהנליכע אנוואק-סונג.

ros'trated *a.* (ראס'-טריי-טעד) ז. *rostrate*.

ros'triform *a.* (ראס'-טרי-פארם) שנא-בעל-פערמיג, וואס האט די פארם פון א שנאבעל.

ros'trum *n.* (ראס'-טראם) א שנאבעל, א שנויץ; די נאז אדער שנאבעל פון א שיף; א רעדנער-בימה; אין אלטפרענ-קישע לאמפען — דער שנאבעל אין וועל-כען עס ליעגט דאס קנויטעל.

ros'ula *n.* (ראז'-יו-לא) א קליינע רויז; א ראזעטקע.

ros'ular *a.* (ראז'-יו-לאר) ז. *rosulate*.

ros'ulate *a.* (ראז'-יו-לייט) אין באטא-ניק — ראזעטען-פערמיג; ביי וועלכער די בלעטער זיינען צונויפגעלעגט ווי א רא-זעטקע [וועגען געוויסע פלאנצען].

ro'sy *a.* (ראו'-זי) רא-רויזען-עהנליך; רא-זעווע, רויט, בליהענד; וואס בעשטעהט פון רויזען.

ro'sy-col'ored *a.* (ראו'-זי-קאל'-ארד) מיט א ראזעווער פארב.

ro'sy-crowned *a.* (ראו'-זי-קראונד) ארומגעלעגט מיט א קראנץ פון רויזען.

ro'sy-tin'ted *a.* (ראו'-זי-טינ'-טעד) מיט א ראזעווער פארב.

rot *v. and n.* (ראט) פוילען; ווערען פערדארבען [מאראליש]; ווערען מארא-ליש עקעלדיג; ארויסרופען פוילונג, מא-כען פוילען; קראנק ווערען אויף לונגען-פוילונג [וועגען שאף און אייניגע אנדע-רע חיות]; פעראורזאכען לונגען-פוילונג [ביי חיות]; פוילונג; פערפוילטער שטאף; לונגען-פוילונג [ביי שאף און אנדערע בהמות]; עפעס וואס איז פער-דארבען, שלעכט אדער עקעלדיג; אונזין; עפעס וואס טויג ניט.

ro'ta *n.* (ראו'-טא) א ראד; א רונדונג; רוטינע, א בעשטימטער קורס, וועג, פארם א. ז. וו.; א רייסטער, א צעטעל, א ליסטע; א שטיק מוזיק מיט ווידערהאלונגען; א ראד-עהנליכע כלי; אזא מיטעלאלטערלי-כער מוזיקאלישער שטרייך-אינסטרומענט [מיט סטרונעס].

Ro'ta *n.* (ראו'-טא) א פאפסטליכער אפע-לאציאנס-געריכט.

ro'tary *a.* (ראו'-טע-רי) וואס דרעהט זיך ארום ווי א ראד; וואס בייט זיך רעגעלמעסיג.

ro'tary machine' (ראו'-טע-רי מע-שין') ז. *rotary press*.

ro'tary mo'tion (ראו'-טע-רי מאו'-שאן) א דרעהענדע בעוועגונג, א קרייז-בעוועגונג.

ro'tary press (ראו'-טע-רי פרעס) א ראטאציאנס-מאשין, א ראטאציאנס-פרעס [א דרוק-פרעס, ביי וועלכער דער שריפט-זאץ לעגט זיך ארויף אויף א זייף-דרע-הענדען ציילינדער].

ro'tary steam'-en'gine (ראו'-טע-רי סטיעם'-ענ'-דזשין) א ראטירענדע דאמפף-

משין [א ראמפף־מאשין, ביי וועלכער דער קאלבען דרעהט זיך אין צילינדער].

ro'tascope *n.* (ראו'-טע-סקאופ) א גיראסקאפ. ז. *gyroscope*.

ro'tatable *a.* (ראו'-טיי-טעבל) וואס קען זיך דרעהען ווי א ראד, וואס קען מאכען קרייז־בעוועגונגען.

ro'tatably *adv.* (ראו'-טיי-טע-בלי) זיך בעוועגענדיג אין א קרייז; אזוי אז עס זאל מאכען קרייז־בעוועגונגען [ווי א ראד].

ro'tate *v. and a.* (ראו'-טייט) זיך דרעהען, זיך דרעהען אין דער רונד [ווי א ראד], מאכען קרייז־בעוועגונגען; מאכען זיך דרעהען, ארויסרופען א קרייז־בעוועגונג; זיך וויעדערהאלען אדער ענדערען פעריאדיש אדער אין א געוויסער ארדנונג; מאכען פעריאדישע ענדערונגען אדער וויעדערהאלונגען; ראד־פערמיג.

ro'tated *a.* (ראו'-טיי-טעד) ראד־פערמיג.

ro'tating-ring *n.* (ראו'-טיי-טינג-רינג) א קופערנער אדער מעשענער רינג ארום א הארמאטען־קויל.

rota'tion *n.* (רא-טיי'-שאן) ראטאציאן, דרעהונג, אומדרעהונג, קרייז־בעוועגונג; רעגעלמעסיגע אבוועקסלונג אדער וויעדערהאלונג.

rota'tional *a.* (רא-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קרייז־בעוועגונג; וואס בעשטעהט אדער קומט פון א קרייז־בעוועגונג.

rota'tion in of'fice (רא-טיי'-שאן אין אפ'-אים) רעגעלמעסיגע ענדערונג אדער אבוועקסלונג פון בעאמטע [הויפטזעכליך אין דער פאליטיק פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דאס איבערגעבען שטאאטס־עמטער צו נייע מענשען, ווען עס בייט זיך די רעגיערענדע פארטיי, ניט רעכענענדיג זיך דערמיט, אויב דער פריהריגער בעאמטער האט זיין אמט ערפילט גוט אדער שלעכט].

rota'tion of crops (רא-טיי'-שאן אוו קראפס) וועקסעל־ווירטשאפט [דאס פלאנצען אויף א פעלד יעדען יאהר אנדערע תבואות].

ro'tative *a.* (ראו'-טיי-טיוו) ארומדרעהענד, וואס דרעהט ארום, וואס פעראורזאכט א קרייז־בעוועגונג; וואס איז שייך צו א קרייז־בעוועגונג, וואס קומט פון א קרייז־בעוועגונג.

ro'tatively *adv.* (ראו'-טיי-טיוו-לי) אזוי אז עס זאל זיך דרעהען; זיך דרעהענדיג, מאכענדיג א קרייז־בעוועגונג.

rota'tor *n.* (רא-טיי'-טאר) אן אומדרעהער; איינער אדער עטוואס וואס דרעהט ארום; א מוסקול, וואס בעוועגט אין דער רונד א קערפער־גליעד.

rotato'rial *a.* (ראו-טיי-טאו'-רי-על) ז. *rotiferal*.

rotato'rian *n.* (ראו-טיי-טאו'-רי-ען) ז. *rotifer*.

ro'tatory *a.* (ראו'-טיי-טא-רי) זיך דרעהענד; אבוועקסלענד, וואס וויעדערהאלט זיך אדער ענדערט זיך רעגעלמעסיג; וואס געהט נאך דער רייה.

ro'tatory mo'tion (ראו'-טיי-טא-רי מאו'-שאן) ז. *rotary motion*.

ro'tatory steam'-en'gine (ראו'-טיי-טא-רי סטיעמ'-ענ'-דזשין) ז. *rotary steam-engine*.

rote *n.* (ראוט) רוטינע, מעכאנישקייט; דאס איינלערנען אדער דעקלאמירען עפעס אויף אויסווענינג אדער מעכאניש; אזא מיטעלאלטערליכער מוזיקאלישער שטרייך־אינסטרומענט [מיט סטרונעס].

rot'gut *n. and a.* (ראט'-גאט) א שלעכטע, פערדארבענע, שעדליכע [פאר'ן מאגען] משקה; פערדארבען, שעדליך [וועגען משקאות].

ro'tifer *n.* (ראו'-טי-פער) א רעדער־חיה'לע [אזא מיקראסקאפישע בעשעפעניש, וואס איהרע הערעלעך, מיט וועלכע זי פערנעהמט נאהרונג, בעוועגען זיך ווי רעדערלעך].

rotif'eral *a.* (רא-טיפ'-ער-על) וואס איז שייך צו א רעדער־חיה'לע; וואס האט א רעדעל־עהנליכען קערפער־טייל [ווי א רעדער־חיה'לע]. ז. *rotifer*.

rotif'erous *a.* (רא-טיפ'-ע-ראס) ז. *rotiferal*.

ro'tiform *a.* (ראו'-טי-פארם) ראד־עהנליך.

rot it! (ראט איט) צום טייפעל!

roton'do *a.* (רא-טאנ'-דאו) אין מוזיק — קיילעכדיג, פול.

rot'-steep *n.* (ראט'-סטיעפ) דאס ווייקען קאטון [ציץ] פאר'ן בלייכען.

rot'ten *a.* (ראטן) פויל, צופוילט, פערדארבען; שטינקענד; קראנק אויף לונגען־פוילונג [וועגען שעפסען און איינינגע אנדערע חיות]; ווייך, צוברעכליך, ניט שטארק [ווי למשל, אייזען אדער שטיין].

rot'ten bor'ough (ראטן באר'-או) אין ענגלאנד [פאר די וואהל־רעפארמען פון 1832] — א שטאדט, וואס איז קלענער געווארען אין בעפעלקערונג, האט לויט דער בעפעלקערונג קיין רעכט ניט געהאט צו האבען פערטרעטער אין פארלאמענט און איז דאך געווען פערטראטען אין פארלאמענט אויף'ן גרונד פון דעם אמאליגען רעכט.

rot'ten-egg' *v.* (ראט'נ-עג') בעווארפען מיט פוילע אייער.

rot'tenness *n.* (ראט'נ-נעס) פוילקייט, צופוילקייט; פערדארבענהייט; דאס זיין ווייך, ניט שטארק, צוברעכליך [ווי למשל, א ביין, שטיין, אייזען א. ז. וו.].

rot'tenstone *n. and v.* (ראט'נ-סטאון) א שטיין, וואס איז געווארען ווייך און צוברעכליך [דער שטויב פון אזא שטיין ווערט געברויכט צום פאלירען]; פאלירען, רייבען אדער מאכען גלאנציג מיט דעם שטויב פון אזא שטיין.

rot'ula *n.* (ראט'-יו-לא) דאס קניע־שיסעלע. ז. *patella*.

rot'ular *a.* (ראט'-יו-לאר) וואס איז שייך צום קניע־שיסעלע. ז. *patella*.

rotund' *a.* (רא-טאנד') רונד, קיילעכדיג.

rotun'da *n.* (רא-טאנ'-דא) א ראטונדע, א רונדע געביידע [הויפטזעכליך אזא וואס האט נאך דערצו א קופאל אדער האלב־רונדען דאך]; א רונדער זאל מיט א האלב־רונדער ארקע.

rotun'date *a.* (רא-טאנ'-דייט) אבגערונדעט; רונד, קיילעכדיג.

rotundifo'lious *a.* (רא-טאנ-די-פאו'-לי-אס) רונד־בלעטערדיג, מיט רונדע בלעטער.

rotun'dity *n.* (רא-טאנ'-די-טי) רונדקייט, קיילעכדיגקייט.

rotund'ness *n.* (רא-טאנד'-נעס) ז. *rotundity*.

rotun'do *n.* (רא-טאנ'-דאו) ז. *rotunda*.

rou'ble *n.* (רוהבל) ז. *ruble*.

rouche *n.* (רוהש) ז. *ruche*.

roué' *n.* (רוה-איי') א נואף, אן אויסגעלאסענער מענש, א צולאזענער יונג.

rou'en *n.* (ראו'-ען) ז. *rowen*.

rouge *a., n. and v.* (רוהזש) רויט; רויטע פארב פאר'ן געזיכט, רויטע שמינקע; זיך פארבען מיט רויטען, זיך שמינקען [הויפטזעכליך די באקען]; רויט ווערען [אין געזיכט].

rouget' *n.* (רוה-זשיי') שוויין־פיבער [אזא אנשטעקענדע קראנקהייט ביי חזירים].

rough *a., adv., n. and v.* (ראף) שארסטקע, ניט גלייך, בערגעלדיג, ניט גלאט; ניט פאלירט, ניט אויסגעארבייט; גראב, רויה, בייז; ניט פאלירט, אונגעהובעלט, ניט ערצויגען; אויבערפלעכליך, ניט גענוי, אונגעפעהר; שטורמדיג, אויפגערעגט; העפטיג; אלט־געבאקען, אלט; מיט גראבקייט; אויף אן אונפאלירטען, אונערצויגענעם אופן; רויהקייט, גראבקייט, אונפאלירטקייט; דאס זיין ניט אויסגעארבייט; ניט גלאטקייט, שארסטיגקייט, בערגעלדיגקייט; שטורעמדיגקייט, העפטיגקייט; דאס ארויסגעשטארצטע שטיקעל אייזען אויף א פאדקאווע צו פערהיטען דאס פערד פון אויסגליטשען זיך; א גראביאן, א ווילדער, צולאזענער יונג; מאכען רויה, ניט פאלירט, גראב; מאכען ניט גלאט, שארסטקע אדער בערגעלדיג; בלויז אנווארפען, ניט פאלשטענדיג און ניט גענוי אויסארבייטען; פארבערייטען צו דער לעצטער פאלשטענדיגער אויסארבייטונג [ווי שטיינער, למשל]; צומאכען א שטיקעל אייזען צו א פערדישער פאדקאווע, מאכען בערגעלדיג א פערד'ס פאדקאווע [צו פערהיטען דאס פערד פון אויסגליטשען זיך].

rough a horse (ראף ע-האהרס) מאכען שארסטקע א פערד'ס פאדקאווע, צושלאגען שטיקלעך אייזען צו א פערד'ס פאדקאווע [אום עס צו פערהיטען פון אויסגליטשען זיך]; איינברעכען א פערד, עס צוגעוועהנען צום רייטען אדער פאהרען [הויפטזעכליך פאר מיליטער].

rough'-and-read'y *a.* (ראפ'-ענד-רעד'-אי) 1. גראב, אבער אימער גרייט צו דער ארבייט אדער אימער צו דער האנד, ווען נויטיג; 2. גראב, ניט פאלירט, אבער גרייט צום געברויך.

1. He is a rough-and-ready workman. 2. He is known for his rough-and-ready manners.

rough'-and-tum'ble *a.* (ראפ'-ענד-טאמ'בל) 1. ברוטאל, קאליעטשענד, ניט האלטענדיג זיך אן קיינע כללים [וועגען א קאמפף, הויפטזעכליך וועגען א פויסט־קאמפף]; 2. וואס איז צוגעפאסט צו א ביטערען, ברוטאלען קאמפף אהן רעגולאציאנען און כללים אדער וואס בעשטעהט פון אזא קאמפף.

1. For a few minutes the prize-fighters were engaged in a rough-and-tumble fight. 2. He leads a rough-and-tumble life.

rough breath'ing (ראף. בריעטה'-אינג) אין גראמאטיק [הויפטזעכליך אין דער גריכישער] — דער קלאנג "ה" אדער *h*.

rough'-cast *v. and n.* (ראפ'-קעסט) 1. טינקעווען; דאס טינקעווען; 2. אנווארפען [א צייכנונג, למשל], מאכען אן ענטוואורף; מאכען אבי־ווי, ניט בעארבייטענדיג; 3. טינקעוואניע.

2. The story is only rough-cast.

rough'-clad *a.* (ראפ'-קלעד) גראב געקליידעט.

rough coat (ראף קאוט) די ערשטע שיכט [ווי פון פארב אדער פלאסטער].

rough'-coat *v.* (ראפ׳-קאוט) ארויפלעגען דעם ערשטען פלאסטער־שיכט [אויף ווענט].

rough'-cut *a. and n.* (ראפ׳-קאט) וואס האט ברייטע צייהן, דיק [ווי למשל, א פייל]; א דיקע פייל; דער ערשטער שניט, דאס אבברעכען די ערשטע שיכט [ניט קימערענדיג זיך וועגען דער גלייכקייט און אויסארבייטונג].

rough'-cut mar'gin (ראפ׳-קאט מאר׳-דזשין) א ניט־פאלשטענדיג ארומגעשניטענער ראנד אדער ברעג [ווי למשל, פון א בוך].

rough di'amond (ראף דאי׳-ע-מאנד) אן אונגעשליפענער דימענט; אן אונגעהובעלטער מענש [א גוטער, אבער ניט פאלירטער מענש].

rough draft (ראף דרעפט) אן אנגעווארפענע צייכנונג, סקיצירונג אדער פלאן; א רויהער, ניט בעארבייטער ענטוואורף.

rough'-draft *v.* (ראפ׳-דרעפט) סקיצירען, מאכען ניט קיין אויספיהרליכע צייכנונג, אנווארפען [ניט בעארבייטענדיג] א סקיצירונג, צייכנונג אדער פלאן.

rough'-draw *v.* (ראפ׳-דראה) מאכען א רויהע סקיצירונג, צייכנונג אדער ענטוואורף.

rough'-dry *v. and a.* (ראפ׳-דראי) טריקענען, אבער ניט פלעטען; געטרוקענט, אבער ניט געפרעסט אדער גלאט געמאכט.

rough'en *v.* (ראפן) 1. רויה מאכען, גראב מאכען; מאכען ניט גלאט, שארסטקע אדער בערגעלדיג; ווערען גראב אדער רויה; 2. ווערען ניט גלאט, שארסטקע אדער בערגעלדיג.

1. Her complexion had been **roughened** by exposure to wind and weather. 2. The landscape **roughens** by degrees into hills.

rough'er *n.* (ראפ׳-ער) איינער וואס מאכט א רויהע, ניט פאלשטענדיגע בעארבייטונג פון עפעס; אן ארבייטער, וואס פארמירט עפעס אלס פארבערייטונג צו אן ענדליכער פאלקאמענער אויסארבייטונג; וואלענער שטאף, נור־וואס פון וועבשטוהל, איידער מען האט דערפון ארויסגענומען די קניפלעך; איינער, וואס נעהמט ארויס די קניפלעך פון נור־וואס אויסגעוועבטען שטאף; א ברעט מיט אייזערנע צייהן צו קאמען פלאקס.

rough file (ראף פאיל) א גראבע פייל.

rough'-foot'ed *a.* (ראפ׳-פוט׳-עד) מיט בעוואקסענע פיס [וועגען פויגלען].

rough'-grained *a.* (ראפ׳-גריינד) שארסטיג, ניט גלאט, קערנדיג; גראב, וואולגאר, שווער אויסצוקומען.

rough'-grind *v.* (ראפ׳-גראינד) מאט שלייפען אדער פאלירען [אזוי אז עס זאל זיין ניט אין גאנצען גלאט אדער גלאנציג].

rough'-grown *a.* (ראפ׳-גראון) ווילד געוואקסען.

rough guess (ראף געס) א מעהר אדער ווייניגער געניויע אבשאצונג; א טרעפונג, אורטייל אדער אבשאצונג וואס איז אונגעפעהר ריכטיג.

rough'-hew *v.* (ראפ׳-היו) 1. ארומהאקען, ארומטעפען; 2. ניט געהובעלט, ניט פאלירט; 3. ניט פאלשטענדיג אויסגעארבייט.

2. He is a **rough-hewn** specimen of humanity. 3. It was a **rough-hewn** ill-timbered discourse.

rough'-hound *n.* (ראפ׳-האונד) א מין הונד־פיש [אזא האיפיש]. ז. *dogfish*.

rough'-house *n.* (ראפ׳-האוס) ווילדקייט, צולאזענקייט.

rough'-hou'sing *n.* (ראפ׳-האו׳-סינג) ז. *rough-house*.

rough in (ראף אין) ארויפלעגען די ערשטע שיכטען פלאסטער אויף ציגעל.

rough'ing-mill *n.* (ראפ׳-אינג-מיל) אזא ראד אדער קיילעכדיגע פלאטע צו פאלירען עדעלשטיינער [אויסער דימענטען].

rough it (ראף איט) זיך דורכשלאגען ווי עס איז; זיך פלאגען.

We shall have to **rough it** in our travels this summer.

rough'leg *n.* (ראפ׳-לעג) א פאלק אדער סאקאל מיט בעוואקסענע פיס.

rough'-legged *a.* (ראפ׳-לעגד) ז. *rough-footed*.

rough'ly *adv.* (ראפ׳-לי) רויה, ניט גלאט, שארסטיג; גראב, אונגעהובעלט, אונפאלירט; העפטיג, שטורמדיג; אונגעפעהר; אין אלגעמיין.

rough'ness *n.* (ראפ׳-נעס) רויהקייט, גראבקייט, שארסטיגקייט, ניט גלאטקייט; בערגעלדיגקייט; אונפאלירטקייט, אונגעהובעלטקייט; אויבערפלעכליכקייט, אונגענויאיגקייט; דאס זיין אונגעפעהר; שטורמדיגקייט, בייזקייט, העפטיגקייט; סיעטשקע [געשניטענע שטרוי אלס פוטער פאר בהמות].

rough'-per'fect *a.* (ראפ׳-פויר׳-פעקט) אונגעפעהר פאלקאם, כמעט גוט [אין געדענקען א טעאטער־ראלע].

rough'-ri'der *n.* (ראפ׳-ראי׳-דער) א צורייטער, א בערייטער [איינער וואס געוועהנט צו יונגע פערד צום רייטען]; אן אונטער־אפיציער פון קאוואלעריע אדער ארטילעריע, וואס דיענט אלס געהילף פון דעם רייט־לעהרער; אן אונפארזיכטיגער, ווילדער רייטער; איינער פון א רייטענדען וואלאנטערען־רעגימענט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא בעת דער שפאניש־אמעריקאנישער מלחמה, וועלכער איז בעשטאנען פון וועסטליכע רייטענדע פאסטוכער, יעגער און ספארטלייט.

rough'-scuff *n.* (ראפ׳-סקאף) א גראבער יונג; דער המון.

rough sea (ראף סיע) א שטורמדיגער ים.

rough'-set'ter *n.* (ראפ׳-סעט׳-ער) א מויערער וואס בויט מיט ניט געטעסעטע שטיינער.

rough'shod *a.* (ראפ׳-שאד) וואס טראגט שיך בעשלאגען מיט שפיציגע אייזענס; וואס האט פאדקאוועס בעשלאגען מיט אייזענדלעך אדער בכלל ניט קיין גליטשיגע פאדקאוועס [וועגען פערד].

rough'-slant *n.* (ראפ׳-סלענט) אזא יעגער־געצעלט.

rough'-spun *a.* (ראפ׳-ספאן) גראב, אונגעהובעלט, אהן מאניערען, אונערצויגען.

rough'-string *n.* (ראפ׳-סטרינג) אן אונטערשפארע פון א טרעפ.

rough'-tree *n.* (ראפ׳-טריע) א ניט ארומגעטעפעטער מאסט; דער טייל פון א מאסט איבער דעם דעק.

rough wall (ראף וואהל) א גראב שטוקאטורעוועטע וואנד; א וואנד פון ניט געטעסעטע שטיינער.

rough weath'er (ראף וועטה׳-ער) א שטורמדיגעס, שלעכטעס וועטער.

rough'-work *v.* (ראפ׳-הוואירק) גראב אבארבייטען.

roulade' *n.* (רוה-לאד׳) א רולאדע, קאלאראטור; א געריכט פון שטיקלעך אקסען־פלייש צוזאמענגעוויקעלט מיט חזיר־פלייש און איינגעדעמפט.

rouleau' *n.* (רוה-לאו׳) א ראלע, א קנויל; רונדע בינטלעך ריטער [אויף בעפעסטיגונגס־ווערק].

roulette' *n.* (רוה-לעט׳) א פונקטיר־אינסטרומענט [א גראוויר־אינסטרומענט צו מאכען פונקטען]; א האר־קרייזלער [א קיילעכדיגער אינסטרומענט צו קרייזלען האר]; אין געאמעטריע — אזא קרומע ליניע; רולעטקע [אזא אזארטנעס שפיעל]; רולעטקע [אזא זיך דרעהענדע ראד מיט פערשיעדענע נומערען און פארבען, אויף וועלכע מען שפיעלט].

Rouma'nian *a. and n.* (רוה-מיי׳-ני-ען) ז. *Rumanian*.

rounce *n.* (ראונס) א רעדעל אין א האנד־דרוק־פרעס וואס בעוועגט דעם דרוק־זאץ; אזא קארטען־שפיעל.

round *a., adv., prep., n. and v.* (ראונד) רונד, קיילעכדיג; פעריאדיש; אבגערונדעט, סימעטריש, פאלקאם [וועגען א גראמאטישען זאץ אדער ליטעראַרישען סטיל]; לייכט, גלאט, לעבעדיג [וועגען א שריט, בעוועגונג אדער אויסדרוק]; אויסגעפילט, פול, פאלשטענדיג, גאנץ; גרויס [אין צאהל אדער מאס]; וואס שטעלט זיך ניט אב אויף קלייניגקייטען, ברייטהענדיג; אפען, אויפריכטיג; ענטשיעדען; מוטיג, דירעקט, אהן צערעמאניעס; אין רונדע ציפערען [מיט נולען צום ענד אדער אין גאנצע צאהלען, גרויסע צאהלען, ניט רעכענענדיג די קליינע צאהלען אדער די ברוך־צאהלען]; קרעפטיג, הויך־קלינגענד; ארום; ארום און ארום; אין רונד; אין א קרייז; פון אנהויב ביז ענדע; אין אומקרייז; א רונדע זאך, א רונדער טייל; א קרייז, א צירקעל; אן ארומגאנג אדער פערשפרייטונג פון איינעם צום צווייטען אדער פון איין פונקט צום צווייטען; א מארשרוט, א קורס; א גאנג; א סעריע, א רייה; א געזעלשאפט; עטוואס וואס ווערט וויעדערהאלט פון אלע אנוועזענדע [ווי טרינקען, אפלאדירען א. ז. וו.]; א קרייז־בעוועגונג פון א פערד; א קעסעל אין א ברויעריי, וואו דאס ביער איהרט אדער געהרט צום לעצטען מאל; א רונד־טאנץ [ווען די טענצער זיינען אויסגעשטעלט אין א קרייז אדער בעוועגען זיך אין א קרייז, ווי למשל, א וואלץ, פאלקא א. ז. וו.]; א ראנדעל [ז. *rondel*]; מאכען רונד אדער קיילעכדיג, אברונדען; מאכען פאלשטענדיג, גאנץ, אויסגעפילט, סימעטריש אדער אבגערונדעט; ווערען פאלשטענדיג, פערענדיגט ווערען; ארומגעהן, מאכען א רונד־גאנג [ווי למשל, א רונד־וואך], געהן פון ארט צו ארט אין א בעשטימטער ריכטונג אדער קרייז; זיך אומדרעהען; שושקען, איינרוימען.

round'about *a. and n.* (ראונד׳-ע-באוט) 1. מיט אן אומוועג, הינטען ארום, אונדירעקט; 2. אומפאסענד, ווייט גרייכענד, ווייטלויפיג; 3. ארומנעהמענד, אומקרייזענד, ארומרינגלענד; א קארוסעל [הילצערנע פערדלעך, וועגעלעך א. ז. וו., וועלכע דרעהען זיך אין א קרייז]; א לעהן־שטוהל מיט קיילעכדיגע לעהנווענטלעך; א ציקלאן, א ווירבעל־ווינד, א

ווירבעל־שטורם; א קורצער זשאַקעט אדער רעקעל, וואָס פּאַסט פעסט צום קערפּער.
1. The information came to me in a roundabout way. 2. He is noted for his sound, roundabout sense.

round a cor'ner (ראונד ע קאָהר־נער) אַריינגעהן אין א קווער־גאַס; אין א קווער־גאַס.

round'-all *n.* (ראונד־אָהל) אַן אַקראָבאַטישער קונץ, וועלכער בעשטעהט אין דעם, וואָס מען גיט זיך פריהער א ווארף אויף צוריק און מען שטעלט זיך אויף די הענד און נאָכדעם דרעהט מען זיך צוריק איבער און מען שטעלט זיך אויף די פיס.

round an'swer (ראונד ענ'־סער) אַן אָפענער אדער בעשטימטער ענטפער.

round'-arched *a.* (ראונד־אַרטשט) וואָס האָט האַלב־רונדע געוועלבען [ווענען א געביידע]; עהנליך צו א רונדען געוועלב.

round'-arm *a.* (ראונד־אָרם) אין קריקעט־שפּיעל — רונד בעוועגענד די האַנד מעהר אדער ווייניגער האָריזאָנטאַל [פון הינטען נאָך פאָרענט]; געוואָרפען [דעם באַל] מיט אַזאַ האַנד־בעוועגונג.

round'-armed *a.* (ראונד־אַרמד) אין פויסט־קאַמפּף — געגעבען א קלאַפּ מיט א האָריזאָנטאַלער בעוועגונג פון דער האַנד.

round dance (ראונד דענס) א רונד־טאַנץ [ווען די טענצער זיינען אויסגעשטעלט רונד אדער בעוועגען זיך אין א קרייז, ווי למשל, א וואַלץ, א פּאָלקא א. ז. וו.].

round deal'ing (ראונד דיעל'־אינג) אָפענע, עהרליכע, אויפריכטיגע האַנדלונג.

roun'del *n.* (ראונ'־דעל) ז. *rondel*

roun'delay *n.* (ראונ'־דע־ליי) א ליעד וואו א שורה אדער געדאַנק ווערט איינינע מאָל איבערגע'חזר'ט; א ראָנדעל [ז. *rondel*]; א רונד־טאַנץ [ווי א פּאָלקא, וואַלץ א. ז. וו.].

roun'der *n.* (ראונ'־דער) איינער אדער עטוואָס וואָס מאַכט קיילעכדיג אדער רונדעט אָפּ; איינער וואָס מאַכט א רונד־גאַנג, וואָס געהט א בעשטימטען וועג הין און צוריק; איינער וואָס האָלט אין איין וויעדערהאָלען א פערברעכען; וואָס ווערט וויעדערהאָלט אין א רייהע פון אלע אָנוועזענדע [ווי טרינקען, אָפּלאָדירען א. ז. וו.]; א רונד־לויף פון א שפּיעלער ביי א געוויסען באַל־שפּיעל [ז. *rounders*].

roun'ders *n.* (ראונ'־דערז) אַזא באַל־שפּיעל.

round'-faced *a.* (ראונד־פייסט) מיט א קיילעכדיגען פּנים.

round'fish *n.* (ראונד־פיש) א קאַרפּ; דער לאָצמאַן־פיש [ז. *pilot-fish*].

round game (ראונד גיים) א שפּיעל, אין וועלכען די גאַנצע געזעלשאַפט נעהמט אנטייל.

round'hand *n.* (ראונד־הענד) רונד־שריפט [אַן אַרט שרייבען, וואו די בוכשטאַבען זיינען רונד און אָהן שפּיציגע ווינקלען]; דאָס וואַרפען דעם באַל אין קריקעט־שפּיעל מיט א רונדער האָריזאָנטאַלער האַנד־בעוועגונג.

Round'head *n.* (ראונד־העד) א מיטגליעד פון דער ענגלישער פּאַרלאַמענטאַרישער פּאַרטיי אין צייט פון בירגער־קריעג, געגרינדעט אַרום 1641 [א וויהיג, א ליבעראַל].

round'-head'ed *a.* (ראונד־העד־עד) וואָס האָט א רונדען קאָפּ; מיט א קורץ־געשאָרענעם קאָפּ.

round'house *n.* (ראונד־האַוס) א קאַיוטע אויף'ן קוואַרטער־דעק פון א שיף; א געביידע אויף אַמעריקאַנער אייזענבאַהנען, וואו מען האַלט לאָקאָמאָטיווען; א בית הכסא.

roun'ding *n.* (ראונ'־דינג) רונדונג, אויסבויגונג; די רונדע אויסבויגונג פון א וואַלפיש, ווען ער וויל זיך אַרונטערלאָזען אונטער'ן וואַסער; די אויסרונדונג פון דעם רוקען פון א בוך [ביים איינבינדען]; אַלטע שטריק אַרומגעוויקעלט אַרום א שיפס־שטריק.

roun'ding-machine' *n.* (ראונ'־דינג־מע־שין') א מאַשין צוצוגעבען א רונדע פאָרם אדער מאַכען רונדע זאַכען.

round'-i'ron *n.* (ראונד־אַי־ערן) אַן אינסטרומענט אָבצורונדען און אַרומצופּוצען צונויפגעלייטעטע מעטאַל־שטיקער, בלעכען, רעהרען א. ד. ג.

roun'dish *a.* (ראונ'־דיש) עט־רונדליך, וואָס קיילעכדיג.

roun'dishness *n.* (ראונ'־דיש־נעס) רונדליכקייט, דאָס זיין עטוואָס קיילעכדיג.

round jack'et (ראונד דזשעק'־עט) א קורצער זשאַקעט אדער רעקעל וואָס פּאַסט פעסט צום קערפּער.

round knocks (ראונד נאָקס) שוועהרע, שטאַרקע קלעפּ.

roun'dle *n.* (ראונדל) ז. *rondel*

round'let *n.* (ראונד־לעט) א קליינער קרייז.

round'ly *adv.* (ראונד־לי) 1. אין א קיילעכדיגער פאָרם; 2. אויף אַן ענטשיעדענעם, בעשטימטען אופן; אָפען, אָהן צערעמאָניעס, אויפריכטיג, גלייך, ענטשיעדען; מוטיג; 3. אין רונדע צאָהלען [ניט רעכנענדיג די קלענערע צאָהלען אדער די ברוך־צאָהלען], אונגעפעהר, ניט גאַנץ גענוי; 4. שנעל, איילענדיג, לעבעדיג.
2. In his excitement he roundly abused all his friends.

round'mouth *n.* (ראונד־מאַוטה) א לאַמפּרעטע [אַזא לאַנגער, רונדער פיש]. ז. *lamprey*.

round'-mouthed *a.* (ראונד־מאַוטהט) אין זאָאָלאָגיע — מיט א קיילעכדיגען מויל, וואָס האָט ניט קיין אונטערשטען קינבאַק־ביין [ווי למשל, געוויסע פיש].

round'ness *n.* (ראונד־נעס) רונדקייט, קיילעכדיגקייט; אויפריכטיגקייט, אָפענהערציגקייט; ענטשיעדענהייט; מוטיגקייט; אָבגערונדעטקייט, אויסגעאַרבייטקייט, פאָלשטענדיגקייט, פאָלקאָמענהייט.

round num'ber (ראונד נאַמ'־בער) א רונדע צאָהל, אַן אונגעפעהרע גענויע צאָהל [א צאָהל וואו איינצעלנע און צעהנדליגע זיינען אויסגעלאָזען, אום צו מאַכען א גלייכע צאָהל, ווי 10.000, 1.000, 100 א. ז. וו. אדער, ווען מען נעהמט ניט אין אַנבעטראַכט די קליינע צאָהלען אדער ברוך־צאָהלען].
The earth in its motion round the sun moves 20 miles per second in round numbers.

round oath (ראונד אָוטה) א ביטערע קללה.

round of applause' (ראונד אָוו ע־פּלאָהז') אַלגעמיינער בייפאַל, אַלגעמיינע אַפּלאָדיסמענטען.

round of beef (ראונד אָוו ביעף) א קיילעכדיגע שטיק פּאַלקע־פלייש [פון אַן אָקס].

round of cheers (ראונד אָוו טשיערז) אַלגעמיינער בייפאַל.

round off (ראונד אָף) אָברונדען; פערענדיגען, פערפאָלקאָמען, פערפאָלשטענדיגען.
Next month I shall round off three years of service in the army.

round of vis'its (ראונד אָוו וויז'־איטס) א רייהע וויזיטען.

round on (ראונד אָן) אָנפּאַלען.
He rounded on me in rage.

round out (ראונד אַוט) 1. אויסרונדען; אויספילען, עס זאָל זיין קיילעכדיג; מאַכען קיילעכדיג; 2. אָברונדען, אָבטאַקען, פערפיינערען, מאַכען פאָלשטענדיג אדער פאָלקאָמען.
1. Her bust is well rounded out. 2. The speech was rounded out with apt illustrations.

round pace (ראונד פּיים) א שנעלער, פלינקער שריט.

round'-ridge *v.* (ראונד־רידזש) אָקערען אין קיילעכדיגע שרונטען אדער שורות.

round'-rob'in *n.* (ראונד־ראָב־אין) אונטערשריפטען אויף א ביטשריפט אדער אַנדערען עהנליכען דאָקומענט אויסגעשטעלט אין א קרייז; א דאָקומענט, אויף וועלכען די אונטערשריפטען זיינען אויסגעשטעלט אין א קרייז; אַזא קיילעכדיגער פיש.

round shot (ראונד שאָט) א קיילעכדיגע שיס־קויל, א קאַנאָן־קויל.

round'-shoul'dered *a.* (ראונד־שאָול־דערד) מיט רונדע שולטערען, וואָס האָט קיילעכדיגע פּלייצעס.

rounds'man *n.* (ראונדז־מען) אַן אויפזעהער איבער פּאָליציסטען [א בעאַמטער וואָס געהט אום אין א געוויסער אַבטיילונג פון שטאָדט צו זעהן אויב די פּאָליציסטען טהוען זייער פליכט].

round'stone *n.* (ראונד־סטאָון) א קיילעכדיגער ברוק־שטיין.

round sum (ראונד סאָם) א קיילעכדיגע סומע, א היבשע סומע.

round to (ראונד טו) א אַבקירעווען א שיף פון ווינד [פאַר'ן פעראַנקערען].

round up (ראונד אַפּ) 1. אָנשיטען אדער אָנפילען מיט א ווערך אדער קייפ [אַזוי אַז עס זאָל בילדען א קיילעכדיגען שפּיץ איבער דעם ראַנד]; 2. צוזאַמענטרייבען די בהמות אויף א פּיטערונגס־פּלאַץ; 3. גוט אויסזידלען, שטאַרק טאַדלען.
1. We rounded up the bushel of grain. 2. The cowboys left the camp to round up the herd of cattle.

round'-up *n.* (ראונד־אַפּ) אַברונדונג; צונויפטרייבונג פון בהמות [אויף א פּיטערונגס־פּלאַץ]; פערענדיגונג, פערפאָלקאָמענונג; די אויסגעבויגענקייט, די קיילעכדיגקייט פון א שיף.

round'worm *n.* (ראונד־הוואָרם) א רונדער בויך־וואָרים.

round'-wri'ting *n.* (ראונד־ראַי־טינג) רונד־שריפט [א קיילעכדיגע שריפט פאַר אָרנאַמענטען, וויזיט־קאַרטען א. ז. וו., וועלכע ווערט געוועהנליך געמאַכט מיט א פעדער וואָס האָט צוויי אדער מעהר שפּיצען].

Musica

rush'er *n.* (ראַש'־ער) איינער וואָס איילט זיך אדער שטויסט זיך; אין פוס־באַל שפּיעל — איינער וואָס האָט די אויפ־גאַבע דורכצושטויסען דעם באַל צום געג־נער'ס ציעל.

rush'-grass *n.* (ראַש'־גרעס) ראָהר־גראָז [אַזאַ מין דיקעס גראָז].

rush'-grown *a.* (ראַש'־גראָון) בעוואַק־סען מיט ראָהר [קאַמיש].

rush'-hold'er *n.* (ראַש'־האָולד'־ער) אַ לייכטער פאַר ראָהר־ליכט.

ז. *rush-candle*.

rush'iness *n.* (ראַש'־אי־נעס) דאָס זיין בעדעקט מיט ראָהר [טראַסטניק, קאַמיש].

rush'light *n.* (ראַש'־לאַיט) ז. *rush-candle*.

rush'-like *a.* (ראַש'־לאַיק) עהנליך צו ראָהר; ווייך; וואָס בויגט זיך ווי ראָהר; שוואַך.

rush'-line *n.* (ראַש'־לאַין) די רייהע פון די שפּיעלער אין פוס־באַל שפּיעל, וואָס האָבען די אויפגאַבע דורכצושטויסען דעם באַל צום געגנער'ס ציעל.

rush'-nut *n.* (ראַש'־נאַט) דאָס עסבאַרע ציפּער־גראָז אדער ראָהר־נוס [די פּרוכט פון דיעזען גראָז ווערט געברויכט אַלס שפּייז].

ז. איל. *"Grasses & their Allies"*.

rush'-stand *n.* (ראַש'־סטענד) ז. *rush-holder*.

rush'-stick *n.* (ראַש'־סטיק) ז. *rush-holder*.

rush'y *a.* (ראַש'־אי) בעדעקט מיט ראָהר; רייך אין ראָהר; געמאַכט פון ראָהר [טראַסטניק, קאַמיש, אַטשערעט].

rusk *n.* and *v.* (ראַסק) צוקלאָפּטער צווייבאַק אדער סוכאַרעס; אַזאַ לייכטער צוקער־געבעקס; אַ מין ווייכער, זיסער צווייבאַק; פערוואַנדלען אין צווייבאַק און צושטויסען.

rus'kie *n.* (ראַס'־קי) עטוואָס וואָס איז געפלאָכטען פון צווייגען, שטרוי א. ז. וו. [ווי למשל, אַ הוט, אַ קאַשיק, אַ ביענ־שטאָק א. ז. וו.].

Russ *n.* and *a.* (ראַס) ז. *Russian*.

Russ. אַבקירצונג פון *Russia* אדער *Russian*

rus'set *n., a.* and *v.* (ראַס'־עט) אַ רויטליך־ברוינער אדער רויטליך־גרויער קאָליר [ז. איל. *"Colors"*]; פּויערען־געוואַנד; ניט געפאַרבטער לעדער; לייכט געפאַרבטער לעדער פון רויטליך־ברוינעם קאָליר; אַ ראַנעט [אַזאַ ברוינליכער ווינטער־עפּעל מיט אַ דיקער שאָלעכץ]; רויטליך־ברוין, רויטליך־גרוי; געמאַכט פון דאָרפישען, היימיש־געמאַכטען געוואַנד; גראָב, דאָרפיש; געמאַכט פון ניט געפאַרב־טען לעדער; צוגעבען אַ רויטליך־ברוינעם אדער רויטליך־גרויען קאָליר.

rus'set gown (ראַס'־עט גאַון) אַ דאָר־פּיש קלייד, אַ קלייד פון היימיש געמאַכ־טען פּויערען־געוואַנד; אַ דאָרפס־מיידעל.

rus'seting *n.* (ראַס'־עט־אינג) גראָבער פּויערען־געוואַנד; אַ דאָרפסמאַן, אַ פּראָס־טער יונג, אַ גראָבער, אונערצויגענער מענש; אַ ראַנעט [אַזאַ עפּעל].

ז. *russet*.

rus'set leath'er (ראַס'־עט לעטה'־ער) ניט געפאַרבטער לעדער; בלויז עטוואָס געפאַרבטער לעדער פון רויטליך־ברוינעם קאָליר.

rus'sety *a.* (ראַס'־עט־אי) רויטליך־ברוין אדער רויטליך־גרוי.

Rus'sia *n.* (ראַש'־אַ) רוסלאַנד; יוכטען; אדער יוכטען־לעדער [אַזאַ גוטער זאַרט רוסישער ציעגען אדער שעפּסען־לעדער].

Rus'sia duck (ראַש'־אַ דאַק) רוסישעס זעגעל־טוך.

Rus'sia leath'er (ראַש'־אַ לעטה'־ער) יוכטען אדער יוכטען־לעדער. ז. *Russia*.

Rus'sian *a.* and *n.* (ראַש'־ען) רוסיש, רוסלענדיש; די רוסישע שפּראַך; אַ רוס, אַ רוסישער, אַ רוסישע.

Rus'sianism *n.* (ראַש'־ען־איזם) כאַ־ראַקטעריסטיש רוסישעס; רוסישער איינ־פלוס.

Russianiza'tion *n.* (ראַש־ען־אי־זיי'־שאָן) רוסיפיצירונג, דאָס מאַכען רוסיש, דאָס צוגעבען אַ רוסישען כאַראַקטער.

Rus'sianize *v.* (ראַש'־ען־איז) רוסיפי־צירען, מאַכען רוסיש, צוגעבען אַ רוסישען כאַראַקטער.

Russifica'tion *n.* (ראַס־אי־פי־קיי'־שאָן) ז. *Russianization*.

Rus'sify *v.* (ראַס'־אי־פאַי) ז. *Russianize*.

Russ'niak *n.* (ראַס'־ני־עק) אַ רוטהע־נער. ז. *Ruthenian*.

Rus'so-Byz'antine *a.* (ראַס'־אָ־ביז'־ען־טין) רוסיש־ביזאַנטיש, רוסיש [וועגען דעם רוסישען סטיל אין אַרכיטעקטור, וועלכער איז אַ מאָדיפיצירונג פון דעם ביזאַנטישען].

Rus'so-Greek *a.* (ראַס'־אָ־גריעק) רו־סיש־גריכיש [וואָס איז שייך אי צו די רוסען אי צו די גריכען].

Rus'so-Greek Church (ראַס'־אָ־גריעק טשוירטש) די רוסיש־גריכישע קירך, די פּראַוואָסלאַוונע קירך.

Rus'sophile *n.* and *a.* (ראַס'־אָ־פיל) אַ רוסאָפיל [אַן אַנהענגער פון אַלעס וואָס איז רוסיש]; רוסאָפיליש.

Rus'sophilism *n.* (ראַס'־אָ־פיל־איזם) רוסאָפיליזם, ליעבע אדער אַנהענגערשאַפט צו אַלעס וואָס איז רוסיש.

Rus'sophilist *n.* (ראַס'־אָ־פיל־איסט) אַ רוסאָפיל. ז. *Russophile*.

Rus'sophobe *n.* (ראַס'־אָ־פאָוב) אַ רו־סאָפאָב [אַ פיינד פון אַלעס וואָס איז רו־סיש; איינער וואָס האָט מורא פאַר אַלעס וואָס איז רוסיש].

Russopho'bia *n.* (ראַס־אָ־פאָו'־בי־אַ) רוסאָפאָביע [האַס צו אַלעס וואָס איז רו־סיש, מורא פאַר אַלעס וואָס איז רוסיש].

Rus'sophobism *n.* (ראַס'־אָ־פאָו־ביזם) ז. *Russophobia*.

Rus'sophobist *n.* (ראַס'־אָ־פאָו־ביסט) ז. *Russophobe*.

rust *n.* and *v.* (ראַסט) ראַסט [אויף מעטאַלען]; שימעל; אַ שימעל־אַרטיגער אַנוואוקס אויף פלאַנצען [בעזונדערס אויף תבואות]; אַ צופּרעסענדע אַנוואוקסונג אויף עפּעס; אַ שעדליכער איינפלוס, וויר־קונג אדער געוואוינהייט; פערראַסטען, פערזשאַווערט ווערען; האָבען דאָס אויס־זעהן פון ראַסט אדער שימעל; פערשי־מעלט ווערען; פערדאַרבען ווערען.

rust'-ball *n.* (ראַסט'־באָהל) איינער פון די געלבע שטיקער אייזען־ערץ, וואָס מען געפינט אין קריידע־שיכטען אין אַ געוויסער געגענד אין ענגלאַנד.

rust'-col'ored *a.* (ראַסט'־קאַל'־ארד) ראַסט־פאַרביג, וואָס זעהט אויס ווי אייזען־ראַסט.

rust'-eat'en *a.* (ראַסט'־איעט'ן) צו־פרעסען פון ראַסט.

rust'ful *a.* (ראַסט'־פול) פערראַסטעט, פערזשאַווערט; וואָס רופט אַרויס ראַסט.

rust'-fun'gus *n.* (ראַסט'־פאַנ'־גאַס) ז. *rust-mite*.

rus'tic *a.* and *n.* (ראַס'־טיק) דאָרפיש; גראָב; איינפאַך, פּשוט, ניט געקינסטעלט, נאַטירליך; אין באַסאָוש אדער רוסטישען בוי־סטיל [ז. *rustic work*]; אַ דאָרפסמאַן, אַ פּויער; באַסאָוש אדער רוסטישער בוי־סטיל; אַ נאַכט־מאָיל, אַ נאַכט־מאָט.

rus'tically *adv.* (ראַס'־טי־קעל־אי)

דארפיש; אונגעלומפערט, גראב; פשוט, איינפאך, נים נעקינסטעלט, נאטירליך.

rus'ticalness *n.* (ראס'-טי-קעל-נעס) דארפישקייט, דאס זיין דארפיש; גראבקייט, אונגעלומפערטקייט; פשוט'קייט, איינפאכקייט, נאטירליכקייט, אונגעקינסטעלטקייט.

rus'ticate *v.* (ראס'-טי-קייט) וואהנען אויף לאנד, וואהנען אין דארף; ארויסשיקען אין א דארף; אויסשליסען פון אן אוניווערזיטעט [און ארויסשיקען אין א בעשטימטען פלאץ]; בויען אין באסאזש אדער אין רוסטישען בוי־סטיל. ז. *rustic work*.

rus'ticated *a.* (ראס'-טי-קיי-טעד) געבויט אין באסאזש אדער אין רוסטישען סטיל. ז. *rustic work*.

rustica'tion *n.* (ראס-טי-קיי'-שאן) דארף־לעבען [הויפטזעכליך, ווען מען איז געצוואונגען דערצו]; אויסשליסונג פון אן אוניווערזיטעט אויף א געוויסער צייט [אפט מיט דער פאדערונג צו פערלאזען די אוניווערזיטעטס־שטאדט]; באסאזש אדער רוסטישער בוי־סטיל. ז. *rustic work*.

rus'tic fur'niture (ראס'-טיק פויר'-ני-טשור) איינפאכע גראבע דארפס־מעבעל, גארטען־מעבעל, מעבעל פון געפלאכטענע צווייגען.

rustic'ity *n.* (ראס-טיס'-אי-טי) ז. *rusticalness*.

rus'ticize *v.* (ראס'-טי-סאיז) מאכען דארפיש, פערוואנדלען אין א דארפסמאן.

rus'tic joint (ראס'-טיק דזשאינט) א פערטיעפונג צווישען צוויי שטיינער פון א געביידע אין דעם רוסטישען בוי־סטיל [באסאזש]. ז. *rustic work*.

rus'ticly *adv.* (ראס'-טיק-לי) ז. *rustically*.

rus'tic moth (ראס'-טיק מאטה) א נאכט־מאיל, א נאכט־מאט.

rus'tic ware (ראס'-טיק הוועהר) אזא טעראקאטא [געברענטע ערד] פאר ארנאמענטען, פאנטאנען, וואזען א. ז. וו.

rus'tic work (ראס'-טיק הוואירק) רוסטישער בוי־סטיל אדער באסאזש [א בוי־סטיל פון בעזונדערע שטיינער, וועלכע זיינען פאנאנדערגעטיילט מיט פערטיעפונגען און זיינען אפט בעדעקט מיט לעכלעך]; א וואנד פון שטיינער פון פערשיעדענער גרוים און פארם; א זומער־הויז, גארטען־מעבעל א. ז. וו. געפלאכטען פון צווייגען, ווארצלען און בוימער אין פאנטאסטישע פיגורען.



Rustic Work

rus'tily *adv.* (ראס'-טי-לי) אין א פערראסטעטען צושטאנד, פערראסטעט.

rus'tiness *n.* (ראס'-טי-נעס) דאס זיין פערראסטעט, פערראסטקייט, פערזשאווערטקייט; פערשימעלטקייט.

rus'tle *v. and n.* (ראסל) רוישען, מאכען א גערויש אדער שארך; ענערגיש שטרעבען אדער ארבייטען; דערגרייכען אדער קריעגען עפעס אויף אן ענערגישען אופן; גנב'ענען פיה; גנב'ענען; א גערויש, א שארך.

rus'tler *n.* (ראס'-לער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט א גערויש אדער א שארך; אן ענערגישער, טהעטיגער מענש; א רייטענדער פיה־פאסטוך [אין די וועסטטיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; א פיה־גנב [צווישען די רייטענדע פיה־פאסטוכער אין אמעריקא].

rust'less *a.* (ראסט'-לעס) נים פערראסטעט, נים פערזשאווערט; וואס קען נים ראסטען.

rus'tle the mail (ראסל טהי מייל) גנב'ענען פון די פאסט־זעק.

rus'tling *n. and a.* (ראס'-לינג) דאס רוישען, א גערויש, א שארך; רוישענד; וואס פעראורזאכט א שארך.

rus'tlingly *adv.* (ראס'-לינג-לי) מיט א גערויש, מיט א שארך.

rust'-mite *n.* (ראסט'-מאיט) א ראסט־מילב [אזא מילב וואס פעראורזאכט ראסט־פלעקען אדער שימעל־פלעקען אויף פלאנצען].

rust'-proof *a.* (ראסט'-פרוהף) זיכער געגען ראסט, וואס האט נים מורא פאר ראסט, וואס קען נים זשאווערען.

rust'-red *a.* (ראסט'-רעד) וואס האט דעם קאליר פון אייזען־ראסט, רויטליך־ברוין.

rus'ty *a.* (ראס'-טי) ראסטיג, פערראסטעט, פערזשאווערט; וואס זעהט אויס ווי פערזשאווערט אדער פערשימעלט; שטויביג, אונריין; רויט אדער געלב [ווי עס ווערען איניגע קאנזערווירטע פיש]; פערלארען דעם גלאנץ, אבגעטראגען, אויסגעריבען; מיט אבגעטעמפטער געשיקטקייט אדער געאיבטקייט [דורך אונטהעטיגקייט]; גראב, גרילצענד [ווי למשל, א שטימע]; פער'עקשנ'ט, אונגעהארכזאם.

rus'ty-crowned *a.* (ראס'-טי-קראונד) וואס האט א ברוינעם פלעק אויף'ן שפיץ קאפ [ווענען געוויסע פויגלען].

rut *n. and v.* (ראט) אן איינגעפאהרענער שמאלער וועג אדער סטעזשקע; א פעסטגעשטעלטער מנהג, אן אנגענומענע ריכטונג, אן איינגעפאהרענער וועג; די פארונגס־צייט פון חיות; געשלעכטליכע אויפרעגונג ביי הירשען אדער ביי אנדערע חיות; אן אויפרוהר, א גערויש; מאכען א שפור ווי מיט די רעדער פון א וואגען; מאכען א רינווע, א גראבען אדער א קאנאל אין דער ערד; האבען תאוה צו געשלעכטליכער פארונג.

rutaba'ga *n.* (רו-טע-ביי'-גא) אזא מין ריב.

ruta'ceous *a.* (רו-טיי'-שיאס) וואס איז שייך צו ראוטע [אזא פלאנצע]. ז. *rue*.

rute *n.* (רוהט) זעהר קליינע ערץ־אדער־לעך [אדערלעך פון רויהען מעטאל אין א מעטאל־גרוב].

ruth *n.* (רוטה) מיטלייד, ערבארמונג, בעדויערונג; חרטה; עלענד, ליידען; גרויזאמקייט, אכזריות.

Ruthe'nian *n. and a.* (רו-טהי'-ני-ען) א רוטענער [איינער פון די קליין־רוסען אין גאליציען]; די רוטענישע שפראך; רוטעניש, וואס איז שייך צו די רוטענער.

ruthen'ic *a.* (רו-טהענ'-איק) ז. *ruthenious*.

ruthe'nious *a.* (רו-טהי'-ני-אס) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון רוטהעניום. ז. *ruthenium*.

ruthe'nium *n.* (רו-טהי'-ני-אם) רוטהעניום [איינער פון די כעמישע גרונד־עלעמענטען, וועלכער געהערט צו די מעטאלען פון דער פלאטין־גרופע].

ruth'ful *a.* (רוטה'-פול) מיטליידיג, בארמהערציג, פול מיט בעדויערען; יאמערליך, טרויריג.

ruth'fully *adv.* (רוטה'-פול-אי) פול מיט בארמהערציגקייט; פול מיט בעדויערען; פול מיט מיטלייד; יאמערליך, טרויריג.

ruth'less *a.* (רוטה'-לעס) אונ'ברחמנות'דיג, אונבארמהערציג, גרויזאם, אכזריות'דיג.

ruth'lessly *adv.* (רוטה'-לעס-לי) אויף אן אונבארמהערציגען אופן; מיט גרויזאמקייט.

ruth'lessness *n.* (רוטה'-לעס-נעס) אונבארמהערצינקייט, גרויזאמקייט, אכזריות'דינקייט.

ru'tic *a.* (רוה'-טיק) וואס איז שייך צו ראוטע, וואס קומט פון ראוטע. ז. *rue*.

ru'tic ac'id (רוה'-טיק עס'-איד) ראוטע־זויערע [אזא שטאף אין די בלעטער פון דער ראוטע]. ז. *rue*.

ru'tilant *a.* (רוה'-טי-לענט) וואס גלאנצט, וואס פינקעלט, וואס שיינט, וואס בלישטשעט.

ru'tile *n.* (רוה'-טיל) דער רוטיל [אזא מין מינעראל].

rut'-time *n.* (ראט'-טאים) די צייט פון פארען זיך [ביי הירשען].

rut'ting-time *n.* (ראט'-אינג-טאים) ז. *rut-time*.

rut'tish *a.* (ראט'-איש) תאוה'דיג; ערוועקענד תאוה.

rut'tishness *n.* (ראט'-איש-נעס) דאס זיין תאוה'דיג, תאוה'דיגקייט.

rut'ty *a.* (ראט'-אי) אויסגעפאהרען, מיט פיעל שפורען פון רעדער [ווענען א וועג]; תאוה'דיג.

Ry. אבקירצונג פון *railway*

ry'al *n.* (ראי'-על) א רויזענאבעל [אזא פארצייטיגע ענגלישע גאלדענע מטבע פון 10 שילינג, אונגעפעהר 2 דאלאר 40 סענט]. ז. *rose-noble*.

rye *n. and a.* (ראי) קארן; בראנפען געמאכט פון קארן; א אדעלמאן, א הויכגעשעצטע פערזאן; וואס איז פון קארן.

rye bread (ראי ברעד) קארן־ברויט.

rye'-grass *n.* (ראי'-גרעס) ז. *ray-grass*.

Rye House plot (ראי האוס פלאט) די קאנספיראציע וואס איז געמאכט געווארען אין יאהר 1683 צו טויטען דעם קעניג קארל דעם צווייטען פון ענגלאנד.

rye'-straw *n.* (ראי'-סטראה) א בינטעל קארן־שטרוי; א שוועכלינג; א שוואכער, אונבעדייטענדער מענש.

rye'-wolf *n.* (ראי'-הוואולף) אזא טייוועל, וואס האלט זיך אין די קארן־פעלדער [לויט דעם אבערגלויבען פון די דייטשע פויערים].

rye'-worm *n.* (ראי'-הוואירם) א קארן־ווארים [אן איירא־פעאישער אינזעקט, וועמעס לארווא אדער ווערימלעך שפייזען זיך מיט קארן־זאנגען].

ry'ot *n.* (ראי'-אט) א לאנד־ארענדאטאר, אן ערד־ארבייטער, א פויער [אין אינדיען].

rype *n.* (ראיפ) א שנעע־הוהן. ז. *ptarmigan*.

S

S, s (עס) דער ניינצעהנטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

Sa. *Saturday* פערקירצונג פון

S. A. ראשי תבות פון די ווערטער *South Africa, South America* אדער *South Australia*

sabadil'la *n.* (סעב-ע-דיל'-א) סאבא־דיל, א צענטראל־אמעריקאנישע פלאנצע מיט גראז־פערמיגע לאנגע בלעטער און מיט זעהר ביטערע קערנער.

Sa'baism *n.* (סיי'-בע-איזם) ז. *Sabianism*

Sab'aoth *n.* (סעב'-ע-אטה) צבאות, ארמעען, מחנות [אלס א טייל פון טיטול פון גאט].

Sabbata'rian *n. and a.* (סעב-ע-טיי'-רי-ען) א שבת־האלטער, א שבת־היטער; א סובאטניק, א קריסט וואס היט דעם אי־דישען שבת; וואס איז שייך צו שבת אדער צו די קריסטליכע שבת־היטער.

Sabbata'rianism *n.* (סעב-ע-טיי'-רי-ען-איזם) די לעהרען אדער פרינציפען פון די קריסטליכע שבת־היטער.

Sab'bath *n. and a.* (סעב'-עטה) שבת; דער רוהע־טאג [זונטאג ביי די קריס־טען]; וואס איז שייך צו שבת אדער צום רוהע־טאג.

sab'bath *n.* (סעב'-עטה) די רוהע־צייט; אז אברוה פון הארעוואניע, פון דאגות, יסורים א. ז. וו.; דאס שבת־יאהר ביי די פארצייטיגע אידען [דאס יאהר פון שמיטה אדער יובל].

Sabbatha'ic *a.* (סעב-ע-טהיי'-איק) וואס איז שייך צו די נאכפאלגער פון שבתאי צבי [דער פאלשער אידישער משיח פון 17טען יאהרהונדערט].

Sabbatha'ist *n.* (סעב-ע-טהיי'-איסט) אן אנהענגער פון שבתאי צבי [דער פאל־שער אידישער משיח פון 17טען יאהרהונ־דערט].

Sab'bath-brea'ker *n.* (סעב'-עטה-בריי'-קער) א מחלל־שבת'ניק.

Sab'bath-brea'king *n. and a.* (סעב'-עטה-בריי'-קינג) דאס מחלל־שבת זיין; וואס איז מחלל שבת.

Sab'bath-day's jour'ney (סעב'-עטה-דייז דזשויר'-ני) תחום־שבת [די צוויי טויזענד איילען אויף יעדער זייט פון וואהנ־ארט, ווייטער פון וועלכע א איד טאר נים געהן אום שבת].

Sab'bathless *a.* (סעב'-עטה-לעס) וואס האלט קיין שבת נים, וואס רוהט נים.

Sab'bath-school *n.* (סעב'-עטה-סקוהל) ז. *Sunday-school*

Sabbat'ic *a.* (סע-בעט'-איק) שבת'דיג, וואס איז שייך צו שבת אדער רוהע.

sabbat'ical *a.* (סע-בעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו שבת אדער רוהע; וואס קומט פאר זיבענוויוז; וואס טרעפט זיך יע־דען זיבענטען [טאג, וואך, מאנאט אדער יאהר].

sabbat'ical year (סע-בעט'-אי-קעל ייר) דאס יאהר פון שביעות, דאס שמיטה־יאהר.

Sab'batism *n.* (סעב'-ע-טיזם) דאס היי־טען שבת; שבת־רוהע; דאס אבשטעלען זיך פון דער ארבייט; דאס אונטערברע־כען די ארבייט.

Sab'batize *v.* (סעב'-ע-טאיז) האלטען שבת; פערוואנדלען אין א רוה־טאג.

Sabe'an *a. and n.* (סע-בי'-ען) וואס איז שייך צו שבא אדער יעמען [א טייל פון אראביען]; אן איינוואהנער פון שבא.

Sabe'ism *n.* (סע-בי'-איזם) ז. *Sabianism*

sab'eline *a.* (סעב'-ע-לין) וואס איז שייך צו א סויבעל אדער סייבעל. ז. *sable*

sab'elize *v.* (סעב'-ע-לאיז) מאכען ווי סייבעל; מאכען טונקעל אדער שווארץ; פערפינסטערען; מאכען טרויעריג. ז. *sable*

sabel'lan *a.* (סע-בעל'-ען) גראב־זאמי־דיג.

Sabel'lian *a. and n.* (סע-בעל'-אי-ען) וואס איז שייך צו די סאבעליענס [א פארצייטיגע פאלק אין איטאליען]; וואס איז שייך צו סאבעליוס אדער צו זיינע לעהרען [סאבעליוס איז געווען א קריסט־ליכער פריסטער פון 3טען יאהרהונדערט, וועלכער האט געלערענט, אז דאס געט־ליכע וועזען בעשטעהט אין איין פער־זאן און איז נים קיין דריי־איינינקייט]; אן אנהענגער פון פריסטער סאבעליוס.

Sabel'lianism *n.* (סע-בעל'-אי-ען-איזם) סאבעליאניזם, די לעהרען פון קריסטליכען פריסטער סאבעליוס. ז. *Sabellian*

sa'ber *n. and v.* (סיי'-בער) א זעבעל, א סאבליע, א שווערד; שלאגען מיט א סאבליע אדער שווערד; בעזארגען מיט א זעבעל.


Sabers

Sa'bian *n. and a.* (סיי'-בי-ען) א פער־געטערער פון די שטערען; וואס איז שייך צו דער רעליגיאן פון די שטערען־פערגע־טערער.

Sa'bianism *n.* (סיי'-בי-ען-איזם) סא־ביעניזם, די פערגעטערונג פון שטערען.

Sa'bine *a. and n.* (סיי'-באין) וואס איז שייך צו די סאבינער [א פארצייטיגע פאלק אין איטאליען]; א סאבינער.

sa'ble *n., a. and v.* (סייבל) א סויבעל, א סייבעל [א מין חיה'לע פון די קאלטע צפון־געגענדע מיט א טייערער פעל]; סייבעל־פעל; א טונקעל־שווארצער קאליר; טרויער־קליידער; טונקעל, שווארץ; מא־כען ווי סייבעל; מאכען טונקעל אדער שווארץ; פערפינסטערען; מאכען טרויע־ריג.

Sable

sa'bleize *v.* (סיי'-בל-איז) פערשוואר־צען, מאכען שווארץ אדער טונקעל.

sa'ble-stoled *a.* (סיי'-בל-סטאולד) גע־קליידעט אין שווארצען.

sa'ble-ves'ted *a.* (סיי'-בל-ועס'-טעד) געקליידעט אין שווארצען.

sablière' *n.* (סעב-לי-עהר') א זאמד־גרוב; אין ארכיטעקטור — א שוועל.

sabot' *n.* (סע-באו') א פויערשער הילצער־נער שוך; א הילצערנע רונדע פלאטע וואס איז צוגעפעסטיגט צו דער קויל פון א הארמאט, כדי זי איינצוהאל־טען אין איין לאגע ווען זי ליעגט אין הארמאט.

Sabots

sabotage' *n.* (סא-בא-טאזש') סאבא־טאזש [אן ארט קאמפפס־מיטעל פון אר־בייטער וואס בעשטעהט אין שעדיגען דעם בעל הבית, ווי ברעכענדיג די מאשינען, פערניכטענדיג די וואארע, ארויסגעבענדיג שלעכטע ארבייט, מאכענדיג ווייניג ארבייט א. ז. וו.].

sa'bre *n. and v.* (סיי'-בער) ז. *saber*

sa'bretash *n.* (סיי'-בער-טעש) אזא לעדערנער טאש וואס קאוואלעריסטען אדער רייטענדע סאלדאטען טראגען אויף זייער שווערד־גארטעל.

sab'ulose *a.* (סעב'-יו-לאוס) אין בא־טאניק — וואס וואקסט אין זאמדיגע ער־טער; זאמדיג.

sabulos'ity *n.* (סעב-יו-לאס'-אי-טי) זאמדיגקייט; דאס זיין ווי זאמד.

sab'ulous *a.* (סעב'-יו-לאס) זאמדיג.

Sabu'rean *n.* (סע-ביו'-רי-ען) איינער פון די רבנן סבוראי [די אידישע חכמים און געלעהרטע אין דער עפאכע פון נאך דער שליסונג פון תלמוד ביז די גאונים].

saburra'tion *n.* (סעב-א-ריי'-שאן) דאס נעהמען א זאמד־וואנע, דאס צולעגען היי־סע זאמד צום קערפער; דאס שארען זיך קייקלען זיך אין זאמד [ווי דאס טהוען למשל, געוויסע פויגלען].

sac *n.* (סעק) א זעקעל־עהנליכער אדער בייטעל־עהנליכער טייל פון א פלאנצע אדער פון דעם קערפער פון א חיה.

saccade' *n.* (סע-קייד') א פלוצליכער אב־שטעל פון א פערד דורך א שטארקען ציה מיט די לייצעס; א שטארקער דריק מיט'ן סמיק אויף די סטרונעס פון א פידעל, אזוי אז צוויי אדער דריי סטרונעס גיבען ארוים טענער מיט איין מאל.

sac'cate *a.* (סעק'-אייט) אין באטא־ניק — זאק־פערמיג, וואס האט די פארם פון א זאק אדער בייטעל; טאשען־פערמיג [וועגען דעם בלומען־געבוי פון געוויסע פלאנצען].

sac'cated *a.* (סעק'-איי-טעד) ז. *saccate*

sac'charate *n.* (סעק'-ע-רייט) אין כע־מיע — סאכאראט, א זאלץ וואס בעקומט זיך פון צוקער־זויערע.

sacchar'ic ac'id (סע-קער'-איק עס'-איד) צוקער־עסיד, צוקער־זויערע [א כע־מישער שטאף].

sacchariferous *a.* (סעק-ע-ריפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט צוקער, וואס גיט ארוים צוקער.

saccharifica'tion *n.* (סעק-ע-ריפ-אי-

(קיי'-שאַן) די צוקער=בילדונג, דער פּראַצעס פון ארויסציהען צוקער פון געוויסע שטאָפען.

sac'charify *v.* (סעק'-ע-רי-פאַי) פערוואַנדלען אין צוקער.

saccharim'eter *n.* (סעק-ע-רימ'-ע-טער) אַן אַפּאַראַט צו בעשטימען די קוואַנטיטעט פון צוקער אין א פליסיגקייט וואו צוקער איז פאַנאַנדערגעלאָזען.

saccharim'etry *n.* (סעק-ע-רימ'-ע-טרי) דאָס בעשטימען די קוואַנטיטעט אדער די פּראָפּאָרציע פון צוקער אין א צוקער=ענטהאַלטענדער פליסיגקייט.

sac'charin *n.* (סעק'-ע-רין) סאַכאַרין, זעהר א זיסער כעמישער שטאָף.

sac'charine *a.* (סעק'-ע-רין) צוקערדיג, פון צוקער, ווי צוקער.

sacchariza'tion *n.* (סעק-ע-רי-זיי'-שאַן) ז. ***saccharification***

sac'charize *v.* (סעק'-ע-ראַיז) פערוואַנדלען אין צוקער; אויסבילדען צוקער.

sac'charoid *a.* (סעק'-ע-ראָיד) ז. ***saccharoidal***

saccharoi'dal *a.* (סעק-ע-ראָי'-דעל) אין מינעראַלאָגיע — וואָס איז ענהליך צו צוקער [וועגען געוויסע מינעראַלען, ביי וועלכע די אויבערפלעכע זעהט אויס ווי אַן אָבגעבראָכענעם שטיקעל צוקער].

saccharom'eter *n.* (סעק-ע-ראָמ'-ע-טער) אַן אַפּאַראַט צו מעסטען די קוואַנטיטעט פון צוקער אין א פערצוקערטער פליסיגקייט.

saccharom'etry *n.* (סעק-ע-ראָמ'-ע-טרי) דאָס מעסטען די קוואַנטיטעט פון צוקער אין א פערצוקערטער פליסיגקייט.

sac'charose *n.* (סעק'-ע-ראָוס) ריינער צוקער וואָס בעקומט זיך פון צוקער=ראָהר.

sac'charous *a.* (סעק'-ע-ראַס) ז. ***saccharine***

sac'charum *n.* (סעק'-ע-ראַם) צוקער.

sac'ci *n.* (סעק'-סאַי) אין אַנאַטאָמיע און זאָאָלאָגיע — זעקלעך, בייטלען. ז. ***saccus***

saccif'erous *a.* (סעק-סיפ'-ע-ראַס) זעקלדיג. ז. ***saccate***

sac'ciform *a.* (סעק'-סי-פאָרם) זעקעל=פערמיג; וואָס האָט די פאָרם פון א זאַק אדער טאַש.

sac'cular *a.* (סעק'-יו-לאַר) זעקעל=פערמיג.

sac'cule *n.* (סעק'-יול) א זעקעלע; אין אַנאַטאָמיע — דאָס קלענערע פון די צוויי זעקעלעך אין לאַבירינט פון אויער.

sac'culus *n.* (סעק'-יו-לאַס) ז. ***saccule***

sac'cus *n.* (סעק'-אַס) אין אַנאַטאָמיע און זאָאָלאָגיע — א זעקעל, א בייטעל.

sacel'lum *n.* (סע-סעל'-אַם) ביי די אַלטע רוימער — א קליין צימער אָהן א דאַך מיט אַן אַלטאַר און מיט דעם בילד פון א געוויסען גאָט אדער געטין.

sacerdo'tal *a.* (סעס-ער-דאָו'-טעל) פּריסטערליך, וואָס איז שייך צו פּריסטער אדער גייסטליכע.

sacerdo'talism *n.* (סעס-ער-דאָו'-טעל-איזם) דער כאַראַקטער און די מעטאָדען פון פּריסטערטום; איבערגעגעבענהייט צו די אינטערעסען אדער סיסטעם פון פּריסטערטום.

sacerdo'talist *n.* (סעס-ער-דאָו'-טעל-איסט) איינער וואָס איז איבערגעגעבען צו די אינטערעסען פון פּריסטערטום אדער גייסטליכקייט: אַן אונטערשטיצער פון דער סיסטעם פון פּריסטערטום.

sacerdo'talize *v.* (סעס-ער-דאָו'-טעל-איז) מאַכען פּריסטערליך.

sacerdo'tally *adv.* (סעס-ער-דאָו'-טעל-אי) מעשה פּריסטער.

sac'erdotism *n.* (סעס'-ער-דאָ-טיזם) ז. ***sacerdotalism***

sa'chem *n.* (סיי'-טשעם) א סאַכעם, אַן עלטסטער [ביי געוויסע אינדיאַנער שבטים].

sachet' *n.* (סע-שיי') אַזאַ פּערציערטעס פּודער=בייטעלע אדער פּודער=קעסטעלע.

sack *n. and v.* (סעק) 1. א זאַק; 2. אַזאַ ברייטעס דאַמען=קלייד אדער שלאָפראָק; 3. א זשאַקעט; 4. די פּלינדערונג פון א שטאָדט, נאָכדעם ווי זי איז גענומען געוואָרען מיט שטורם פון שונא; פּלינדערונג, רויב; 5. א מאָס=איינהייט פאַר מעהל, זאַלץ א. ד. ג.; 6. ענטזאָגונג פון דער אַרבייט אדער פון א שטעלע; 7. שיטען אדער לעגען אין זעק; פּערפּאַקען אין זעק; 8. פּלינדערען, רויבען; 9. אָבזאָגען פון דער אַרבייט אדער פון דער שטעלע.
4. The city was sure to be delivered over to outrage and sack. 6. You can give him the sack at once.

sack'age *n.* (סעק'-עדזש) דאָס איינגעהמען מיט שטורם און דורך פּלינדערונג; דאָס פּלינדערען; פּלינדערונג.

sack'-bar'row *n.* (סעק'-בער'-או) א טאַטשקע אויף וועלכער מען פיהרט זעק אדער אַנדערע לאַדונג.

sack'but *n.* (סעק'-באַט) א פּאַרצייטיגער מוזיקאַלישער בלאָז=אינסטרומענט ענהליך צו א טראָמבאָן; א מוזיקאַלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס אין די ביבלישע צייטען.

sack'cloth *n.* (סעק'-קלאָטה) צייג פון וואָס זעק ווערען געמאַכט; זאַק=קליידער [קליידער געמאַכט פון זאַק=ליייוואַנד וואָס ווערען געטראָגען אַלס צייכען פון טרויער אדער שאַנדע].

sack'-coat *n.* (סעק'-קאָוט) א פראַק, א סטאַן=ראָק, א פּרינץ אַלבערט.

sacked *a.* (סעקט) וואָס טראָגט א זשאַקעט אדער שלאָפראָק.

sack'er *n.* (סעק'-ער) איינער וואָס מאַכט אדער פילט אַן זעק; א מאַשין וואָס פילט אַן זעק; איינער וואָס פּלינדערט א שטאָדט אדער א הויז; אַזאַ פּאַרצייטיגער קליינער האַרמאַט.

sack'ful *n.* (סעק'-פול) אַזוי פיעל וויפיעל א זאַק קען אַריינגעהמען.

sack'-hol'der *n.* (סעק'-האָול'-דער) א פּאָררי‏כטונג צו האַלטען א זאַק אָפען, ווען מען דאַרף איהם אָנפילען.

sack'ing *n.* (סעק'-אינג) אַזאַ דיקער ליי‏ווענט אדער האָנף פון וואָס זעק ווערען געמאַכט; דאָס פּלינדערען אַן איינגענומענע שטאָדט.

sack'less *a.* (סעק'-לעס) אונשולדיג, שולדלאָז; איינפאַך, פּשוט.

sack'pipe *n.* (סעק'-פּאַיפּ) ז. ***bagpipe***

sack'-pos'set *n.* (סעק'-פּאָס'-עט) אַזאַ געטראַנק פון מילך געקאָכט מיט א לייכט=קאַלירטען שטאַרקען וויין.

sack'-race *n.* (סעק'-רייס) א זאַק=וועט=לויף [א וועט=לויף וואו די פיס פון די וועטענדע און זייער קערפּער זיינען איינגעבונדען אין א זאַק].

sacque *n.* (סעק) א זשאַקעט; א ברייטעס פרויען=קלייד, א פרויען=שלאָפראָק אדער מאָרגען=קלייד.

sa'cral *a.* (סיי'-קרעל) וואָס איז שייך צו אדער וואָס געפינט זיך ביים קרייץ אדער היילינגען ביין. ז. ***sacrum***

sacral'gia *n.* (סע-קרעל'-דזשי-א) וועהטאָג אין דעם קרייץ פון רוקען.

sac'rament *n.* (סעק'-רע-מענט) דאָס סאַקראַמענט, א היילינגע רעליגיעזע צערעמאָניע אין דער קריסטליכער קירך צו פערבינדען דעם גייסט פון די קריסטען מיט דעם גייסט פון יעזוס קריסטוס; דאָס היילינגע אָבענדמאָהל.

sacramen'tal *a. and n.* (סעק-רע-מענ'-טעל) וואָס געהערט צום היילינגען אָבענדמאָהל; וואָס איז שייך צו א סאַקראַמענט; א רעליגיעזע צערעמאָניע וואָס איז ענהליך צו א סאַקראַמענט. ז. ***sacrament***

sacramen'tally *adv.* (סעק-רע-מענ'-טעל-אי) אַזוי ווי א סאַקראַמענט.

sacramen'tal wa'fer (סעק-רע-מענ'-טעל הוויי'-פער) די האָסטיע, דאָס היילינגע ברויט ביים היילינגען אָבענדמאָהל [אָזעלכע רונדע פּלאַטשיגע ביסקוויטס].

sacramen'tal wine (סעק-רע-מענ'-טעל הוואַין) דער וויין וואָס ווערט געברויכט ביים היילינגען אָבענדמאָהל.

sacramenta'rian *a.* (סעק-רע-מענ-טיי'-רי-ען) וואָס איז שייך צו א סאַקראַמענט אדער צו סאַקראַמענטען. ז. ***sacrament***

sacramenta'rianism *n.* (סעק-רע-מענ-טיי'-רי-ען-איזם) די לעהרע און פּראַקטיק פון סאַקראַמענטען.

sacramen'tary *a. and n.* (סעק-רע-מענ'-טע-רי) וואָס איז שייך צו א סאַקראַמענט אדער סאַקראַמענטען; א געבעטבוך וואָס ענטהאַלט די צערעמאָניעס און די תפילות פון די סאַקראַמענטען. ז. ***sacrament***

sac'raments *n.* (סעק'-רע-מענטס) די מאַטעריאַלען און די כלים וואָס ווערען בענוצט ביים אָבריכטען א סאַקראַמענט.

sacra'rium *n.* (סע-קריי'-רי-אַם) א היילינגער אָרט אדער אַן אָרט וואו היילינגע זאַכען פלעגען געהאַלטען ווערען ביי די אַלטע רוימער; דער טייל פון קירך וואו דער אַלטאַר שטעהט; דער ביינער=סקעלעט פון א פויגעל א חוץ דעם קאָפּ, האַלז, פליגלען און פיס.

sa'cred *a.* (סיי'-קרעד) היילינג; געהייליגט; קירכליך, גייסטליך, רעליגיעז; עהרווירדיג.

Sa'cred Heart (סיי'-קרעד האַרט) דאָס האַרץ פון יעזוס קריסטוס, וואָס לויט דעם גלויבען פון די קאַטוילי‏קען איז עס ניט געווען בלויז פון פליייש, נאָר האָט געהאַט א געטליכקייט אין זיך און ווערט געהאַלטען אַלס א סימבאָל פון קריסטוס'עס ליעבע און גייסטיגקייט; אַזאַ קאַטוילישער אָרדען.

sa'cred his'tory (סיי'-קרעד היס'-טאָ-רי) די קירכען=געשיכטע.

sa'cred lo'tus (סיי'-קרעד לאָו'-טאַס) דער לאָטוס, אַזאַ וואַסער=פּלאַנצע וואָס איז געווען פערהייליגט ביי די עגיפּטער און אַנדערע פעלקער פון אַלטערטום. ז. ***lotus***

sa'credly *adv.* (סיי'-קרעד-לי) מיט היילינקייט; היילינג; עהרווירדיג, מיט רעספּעקט; רעליגיעז.

sa'cred mu'sic (סיי'-קרעד מיו'-זיק) קירכען=מוזיק; רעליגיעזע מוזיק.

sa'credness *n.* (סיי'-קרעד-נעס) היילינקייט.

sa'cred place (סיי'-קרעד פּלייס) א היילינגער אָרט, א בית עולם.

sacrif'ic *a.* (סע-קריפ'-איק) וואָס ווערט געברויכט ביי אָפּפער [קרבנות].

sacrif'ical *a.* (סע-קריפ'-אי-קעל) ז. *sacrific*

sacrif'icant *n.* (סע-קריפ'-אי-קענט) איינער וואס ברייננט א קרבן.

sacrif'icatory *a.* (סע-קריפ'-אי-קע-טא-רי) וואס ברייננט א קרבן.

sac'rifice *v. and n.* (סעק'-רי-פאיס) אפפערען; בריינגען א קרבן; מקריב זיין; זיך אויפאפפערען [פאר אימעצען אדער עטוואס]; פערקויפען פאר יעדען פרייז, פערקויפען מיט פערלוסט; אן אפפער, א קרבן; אן אויפאפפערונג; דאס פערקויפען פאר זעהר א ביליגען פרייז, דאס פערקויפען מיט פערלוסט.

sac'rificer *n.* (סעק'-רי-פאי-סער) איי־נער וואס איז מקריב א קרבן, איינער וואס ברייננט אפפער; א פריסטער.

sacrifi'cial *a.* (סעק-רי-פיש'-על) וואס געהערט צו אפפער אדער צו קרבנות.

sacrifi'cially *adv.* (סעק-רי-פיש'-על-אי) אין בעצוג צו אפפער אדער קרבנות; אויף דעם אופן פון קרבנות.

sac'rilege *n.* (סעק'-רי-לעדזש) דאס מחלל זיין, פערשוועכונג, דאס שענדען היי־ליגטימער, דאס בערויבען א קירך אדער הייליגען ארט; לעסטערונג.

sacrile'gious *a.* (סעק-רי-לי'-דזשאס) גאטעס־לעסטערליך; פערשוועכענד, וואס איז מחלל, וואס שענדעט א הייליגטום.

sacrile'giously *adv.* (סעק-רי-לי'-דזשאס-לי) מיט גאטעס־לעסטערונג; פער־שוועכענדיג, מחלל זייענדיג.

sacrile'giousness *n.* (סעק-רי-לי'-דזשאס-נעס) גאטעס־לעסטערונג; שענדונג פון הייליגטימער, פערשוועכונג.

sac'rilegist *n.* (סעק'-רי-לי-דזשיסט) א קירכען־רויבער, א קירכען־שענדער, א פער־שוועכער פון הייליגטימער; א גאטעס־לעסטערער.

sa'cring *n.* (סיי'-קרינג) איינווייהונג, איינהייליגונג; דאס סאקראמענט, דאס הייליגע אבענדמאהל.

sa'cring-bell *n.* (סיי'-קרינג-בעל) דער קירכען־גלאק וואס קלינגט אין א קאטוילי־שער קירך אין דער צייט פון א מעסע אדער ביים אבריכטען דאס הייליגע אבענד־מאהל.

sa'crist *n.* (סיי'-קריסט) אן איבערשריי־בער פון קירכען־מוזיק, אן אנגעשטעלטער אין א קאטעדראל וואס שרייבט איבער די נאטען פאר'ן כאר; א מעסנער אדער זיין געהילף. ז. *sacristan*

sac'ristan *n.* (סעק'-ריס-טען) א מעסנער [א בעאמטער אין א קירך וואס האט די אויפזיכט איבער די הייליגע כלים און אלע אנדערע ארטיקלען, וועלכע ווערען גע־ברויכט ביי גאטעסדיענסט].

sac'risty *n.* (סעק'-ריס-טי) די סאקריס־טיי, דאס צימער וואו עס ליגען די היי־ליגע זאכען אדער כלים פון א קירך.

sac'rosanct *a.* (סעק'-רא-סענקט) אונ־געהייער הייליג.

sa'crum *n.* (סיי'-קראם) דער הייליגער ביין, דער קרייץ פון רוקען.

sad *a. and v.* (סעד) טרויעריג; בע־טריבט; מעלאנכאליש; אומעטיג; פער־זארגט, מוטלאז; פערדריסליך; ערנסט; דונקעל, פון דונקלען קאליר; שווער, ניט גוט אויפגעגאנגען [וועגען ברויט]; טרוי־עריג אדער אומעטיג מאכען.

sad'-col'ored *a.* (סעד'-קאל'-ארד) פון דונקלען קאליר.

sad'den *v.* (סעדן) טרויעריג אדער אוי־מעטיג מאכען, בעטריבען; ווערען טרויע־ריג אדער אומעטיג; מאכען דונקעל־פאר־ביג.

sad'dle *n. and v.* (סעדל) א זאטעל; עטוואס וואס איז עהנליך צו א זאטעל; זאטלען, אנזאטלען; בעלאסטען, אנלאדען.

sad'dleback *n.* (סעד'ל-בעק) א בארג אדער א בארג־שפיץ וואס האט די פארם פון א זאטעל; אזא שלעכטער זארט אויסטערס וואס מען קען ניט עסען; אזא הויז־גאנז, וועלכע האט שווארצע פעדערען אויף'ן רוקען עהנליך צו א זאטעל; די לארווע פון א געוויסען מאט [מאיל] וואס האט אויף'ן רוקען א זאטעל־פערמי־גען צייכען; דער הארף־ים־הונד [ז. *harp-seal*].

sad'dle-backed *a.* (סעד'ל-בעקט) וואס האט א געבויגענעם רוקען [וועגען א פערד]; וואס דער רוקען האט א צייכען ווי די פארם פון א זאטעל [וועגען גע־וויסע חיות און פויגלען].

sad'dle-bags *n.* (סעד'ל-בעגז) א פאר בייטלען, וועלכע זיינען פערבונדען מיט א רימען און ווערען אריבערגעווארפען אי־בער א זאטעל אדער אויף דעם רוקען פון א לאסט־פיה.

sad'dle-blan'ket *n.* (סעד'ל-בלענ'-קעט) א זאטעל־דעקע [א דעקע וואס ווערט אונטערגעלעגט אונטער דעם זאטעל פון א פערד].

sad'dle-bow *n.* (סעד'ל-באו) דער פא־דערשטער געבויגענער טייל פון זאטעל.

sad'dle-fast *a.* (סעד'ל-פעסט) וואס זיצט פעסט אין זאטעל.

sad'dle-feath'ers *n.* (סעד'ל-פעטה'-ערז) די לאנגע בויגיגע פעדערען וואס וואקסען פון ביידע זייטען רוקען ביי א האהן.

sad'dle-gall *n.* (סעד'ל-גאהל) אן אנ־געריבענע וואונד פון א זאטעל אויף א פערד'ס רוקען.

sad'dle-girth *n.* (סעד'ל-גוירטה) א זאטעל־גורט [דער גורט וואס געהט פון איין ענד זאטעל צו זיין צווייטען ענד איבער דעם פערד'ס בויך].

sad'dle-hill *n.* (סעד'ל-היל) א בארג אדער בארג־שפיץ וואס האט די פארם פון א זאטעל.

sad'dle-horse *n.* (סעד'ל-האהרס) א זא־טעל־פערד, א רייט־פערד.

sad'dle-joint *n.* (סעד'ל-דזשאינט) א געוויסע פערבינדונג פון צוויי בלעכען וואו דער ענד פון איין בלעך ווערט אריינגע־שטעלט אין דעם איינגעבויגענעם ענד פון דעם צווייטען בלעך און נאכהער ווערען די ביידע ענדען אריבערגעבויגען און צונויפ־געקלאפט; א גליעדער־געלענק וואו די פלעכען האבען א זאטעל־פערמיגען אויס־זעהן.

sad'dle-leaf *n.* (סעד'ל-ליעף) דער אמעריקאנער אלפען־בוים. ז. *saddletree*

sad'dle-leath'er *n.* (סעד'ל-לעטה'-ער) זאטעל־לעדער [לעדער וואס ווערט בענוצט פאר מאכען זאטלען].

sad'dle-nail *n.* (סעד'ל-נייל) אזא קור־צער נאגעל מיט א ברייטען פלאכען קאפ וואס ווערט בענוצט פאר זאטלען.

sad'dle-nosed *a.* (סעד'ל-נאוזד) וואס האט א ברייטע, פלאכע נאז.

sad'dler *n.* (סעד'-לער) א זאטלער, א זאטעל־מאכער; דער הארף־ים־הונד [ז. *harp-seal*].

sad'dle-roof *n.* (סעד'ל-רוהף) א זאטעל־דאך, א צווייהענגיגער דאך [א משופע'די־גער דאך מיט דריי־עקיגע טיילען פון צוויי זייטען].

sad'dlery *n.* (סעד'-לער-אי) זאטלעריי; א זאטלער־ווערקשטאט; ארטיקלען וואס געהערען צו זאטלעריי.

sad'dlesealing *n.* (סעד'ל-סיע-לינג) יאגד אויף הארף־ים הינד. ז. *harp-seal*

sad'dle-shaped *a.* (סעד'ל-שייפט) זא־טעל־פערמיג.

sad'dle-sick *a.* (סעד'ל-סיק) קראנק פון צופיעל רייטען.

sad'dletree *n.* (סעד'ל-טריע) דער ראהם פון זאטעל; דער אמעריקאנער אלפען־בוים [זיינע בלעטער האבען א זאטעל־פערמיגען אויסזעהן].

Sadduca'ic *a.* (סעד-יו-קיי'-איק) וואס איז כאראקטעריסטיש פאר אדער וואס איז שייך צו די צדוקים. ז. *Sadducee*

Sadduce'an *a.* (סעד-יו-סי'-ען) וואס איז שייך צו די צדוקים. ז. *Sadducee*

Sad'ducee *n.* (סעד'-יו-סיע) א צדוקי [איינער פון דער פארצייטיגער אידישער סעקטע צדוקים, צו וועלכער די אידישע אריסטאקראטיע האט מייסטענס געהערט. לויט ווי עס ווערט אנגעגעבען, האבען די צדוקים ניט אנערקענט די תורה שבעל פה, האבען ניט געגלויבט אין תחית המתים אדער אין השארת הנפש און אין דער עקזיסטענץ פון מלאכים און שדים]; א סקעפטיקער.

Sad'duceeism *n.* (סעד'-יו-סי-איזם) די לעהרע אדער פרינציפען פון די צדוקים [ז. *Sadducee*]; סקעפטיציזם.

Sad'ducize *v.* (סעד'-יו-סאיז) אננעהמען די לעהרע אדער פרינציפען פון די צדוקים. ז. *Sadducee*

sad'-eyed *a.* (סעד'-איד) מיט אן ערנסטען אדער טרויעריגען בליק.

sad'-faced *a.* (סעד'-פייסט) מיט א טרויעריגען געזיכט.

sad'-hear'ted *a.* (סעד'-האר'-טעד) מיט א טרויעריגען הארצען; טרויעריג, אומע־טיג, מעלאנכאליש.

sad'-i'ron *n.* (סעד'-אי'-ערן) א פלעט־אייזען, א ביגעל־אייזען, א פרעסעל [הויפטזעכליך אן אויסגעהוילטעס].

sad'ly *adv.* (סעד'-לי) אומעטיג, טרויע־ריג; פערדריסליך; קלעגליך; קרענקליך, ניט אין גאנצען געזונד, ניט מיט אלעמען; פון א דונקעלען קאליר.

sad'ness *n.* (סעד'-נעס) אומעטיגקייט, טרויעריגקייט.

saeng'erbund *n.* (זענג'-ער-בונט) א זינגער־בונד, א פערבאנד פון זינגער־פער־איינען.

saeng'erfest *n.* (זענג'-ער-פעסט) א זינגער־פעסט [א מוזיקאלישער פעסט וואס ווערט פעראנשטאלטעט פון זינגער־פער־איינען צו צייגען ווער עס זינגט בעסער].

safe *a. and n.* (סייף) זיכער; געווים; פערלעסליך, וואס מען קען זיך פערלא־זען; אונבעשעדיגט; אונשעדליך; גוט, געזונד; א פלאץ, א כלי, א פאררייכטונג, א געביידע א. ז. וו. צו האלטען עפעס אין זיכערהייט אדער אונבעשעדיגט; א שפייז־קאמער, א ספייזשארניע; א פייער־קאסע, א געלד־שראנק; א קאסטען צו האל־טען לעבעדיגע פיש; א בלעך אונטער א רעהר צו פערהאלטען דאס וואסער אין פאל די רעהר זאל אנהויבען רינען.

safe'-alarm' *n.* (סייפ'-ע-לארם') א ליארם־שלאס אדער אן אנדערע עהנליכע

פארריכטונג ביי א געלד-שראנק וואס הויבט אן קלינגען, ווען מען פרובט אויפשליסען די טהיר פון שראנק.

safe and sound (סייף ענד סאונד) געזונד און שטארק; גאנץ, אונבעריהרט.

safe′-con′duct *n. and v.* (סייפ′-קאנ′-דאקט) א שוץ-בריעף, א פאספארט וואס זיכערט איינעמס פרייהייט און אונבעריהרבארקייט [ווי למשל, אין צייט פון מלחמה]; געבען א זיכערען דורכגאנג, דורכפיהרען אין זיכערהייט דורך א פיינדליכען לאנד.

safe con′science (סייף קאנ′-שענס) א רוהיגער געוויסען.

safe′-depos′it *a.* (סייפ′-די-פאז′-איט) וואס האלט אין זיכערהייט ווערטהפאלע זאכען, דאקומענטען א. ז. וו.

Nearly all the banks have **safe-deposit** vaults.

safe′-edged *a.* (סייפ′-עדזשד) וואס האט א ניט געפעהרליכען ברעג אדער שארף [ווי למשל, א פייל].

safe′guard *v. and n.* (סייפ′-גארד) בעשיצען, בעשירמען, אבהיטען; בעשיצונג, בעשירמונג; א שוץ-וואך; א שוץ-בריעף [א פאספארט וואס שיצט איינעם, למשל, אין א פיינדליכען לאנד]: א זיכערהייטס-פארריכטונג ביי דורכגענגע איבער אייזענבאהן-ליניען; א פארריכטונג ביי א לאקאמאטיוו אבצוראמען פון די רעלסען שטיינער און אנדערע עהנליכע זאכען; א ווארנונגס-עקדיש [ז. *Monitor*].

safe′-keep′ing *n.* (סייפ′-קיעפ′-אינג) דאס האלטען אין זיכערהייט אדער אזוי עס זאל ניט קאליע ווערען.

safe′ly *adv.* (סייפ′-לי) 1. מיט זיכערהייט; 2. אונבעשעדיגט; 3. פארזיכטיג, שטארק בעוואכט.

2. The ship has **safely** reached the harbor.
3. The jewels are **safely** locked in the vault.

safe′ness *n.* (סייפ′-נעס) זיכערהייט.

safe′-pledge *n.* (סייפ′-פלעדזש) בירגשאפט, ערבות [אז איינער וועט ערשיינען פאר׳ן געריכט אין דער בעשטימטער צייט].

safe′ty *n.* (סייפ′-טי) זיכערהייט; אונבעשעדיגטקייט; זיכערע, שטרענגע בעוואכונג.

safe′ty-belt *n.* (סייפ′-טי-בעלט) א שווים-גארטעל, א רעטונגס-גארטעל.

safe′ty-bi′cycle *n.* (סייפ′-טי-באי′-סיקל) אזא וועלאסיפעד מיט רעדער פון גלייכער גרויס.

safe′ty-boil′er *n.* (סייפ′-טי-באיל′-ער) א דאמפף-קעסעל מיט א פארריכטונג וואס פערהיט עקספלאזיאנען.

safe′ty-bri′dle *n.* (סייפ′-טי-בראי′דל) א צוים מיט א פארריכטונג איינצוהאלטען א צאווילדעטעם פערד.

safe′ty-buoy *n.* (סייפ′-טי-באי) ז. *safety-belt*.

safe′ty-car *n.* (סייפ′-טי-קאר) א רעטונגס-וואגאן [א וואגאן וואס בעוועגט זיך אויף א שטריק צווישען דעם ברעג און א שיף, וואס איז געבליבען שטעקען ניט ווייט פון ברעג]; א קליינער וואגאן וואס ווערט בענוצט אין קויהלען-גרובען צו שטויסען א קויהלען-וואגאן אין משופע׳דיגע ערטער.

safe′ty-chain *n.* (סייפ′-טי-טשיין) א זיכערהייטס-קייט [אן עקסטרא אדער זאפאסנע קייט, מיט וועלכער וואגאנען זיינען צונויפגעבונדען].

safe′ty-hatch *n.* (סייפ′-טי-העטש) א פאל-טהיר אין דעם שאפט, וואו עס לויפט א הויב-מאשין אדער פאהר-שטוהל [אזעלכע פאל-טהירען ווערען געמאכט ביי יעדען עטאזש. ווען די הויב-מאשין אדער פאהר-שטוהל געהט דורך, אדער ווען זיי זיינען ניט אין בעטריעב פאלט די טהיר אויטאמאטיש ארונטער און שליסט אב דעם שאפט]; א שאפט פון א הויב-מאשין אדער פאהר-שטוהל מיט פאל-טהירען.

safe′ty-lamp *n.* (סייפ′-טי-לעמפ) א זיכערהייטס-לאנטערנע · אדער זיכערהייטס-לאמפ [ווערט געברויכט אין קויהלען-גרובען און שאכטען און איז געמאכט אזוי, אז דאס ליכט-פייער פון לאמפ זאל ניט קענען קומען אין בעריהרונג מיט די גאזען אדער מיט דעם קויהלען שטויב, וועלכע געפינען זיך אין די שאכטען, און ניט פעראורזאכען קיין עקספלאזיאן].

safe′ty-lock *n.* (סייפ′-טי-לאק) א זיכערהייטס-שלאס [אזא וואס מען קען ניט לייכט עפענען]; א שלאס פון א ביקס מיט א פארריכטונג צו פערהיטען א צופעליגען שאס.

safe′ty-match *n.* (סייפ′-טי-מעטש) א זיכערהייטס-שוועבעלע [אזא שוועבעלע וואס קען זיך ניט איבעראל אנרייבען, ווי די שוועדישע שוועבעלעך און עהנליכע].

safe′ty-pa′per *n.* (סייפ′-טי-פיי′-פער) זיכערהייטס-פאפיער [אזא פאפיער וואו די שריפט קען ניט אבגעמעקט ווערען אדער געענדערט ווערען דורך כעמישע אדער מעכאנישע מיטעל, ווי למשל, געלד-פאפיער].

safe′ty-pin *n.* (סייפ′-טי-פין) א זיכערהייטס-נארעל, א זיכערהייטס-שפילקע [א שפילקע וואס פערשליסט זיך אזוי, אז מען זאל זי ניט קענען פערלירען און מען זאל זיך ניט קענען אן איהר פערשטעכען].

safe′ty-ra′zor *n.* (סייפ′-טי-ריי′-זאר) א זיכערהייטס-גאל-מעסער [א גאל-מעסער, ביי וועלכען דאס קלינגעל איז איינגעפאסט אזוי אז מען זאל זיך ניט קענען צושניידען].

safe′ty-rein *n.* (סייפ′-טי-ריין) א זיכערהייטס-לייצע [א לייצע איינצוהאלטען א צאווילדעטעם פערד].

safe′ty-stop *n.* (סייפ′-טי-סטאפ) א פארריכטונג צו א פאהר-שטוהל אדער הויב-מאשין אויטאמאטיש זיי צו פערהאלטען אין פאל, ווען די שטריק אדער די קייטען ווערען איבערגעריסען; א פארריכטונג אין שיס-געוועהר צו פערהיטען א צופעליגען שאס; א פארריכטונג ניט צו לאזען א רעדעל זיך דרעהען אויף צוריק; א פארריכטונג אבצושטעלען א וועב-מאשין אין פאל, ווען דער פאדים ווערט איבערגעריסען.

safe′ty-valve *n.* (סייפ′-טי-וועלוו) א זיכערהייטס-ווענטיל, א זיכערהייטס-דעקעל [אזא דעקעל אדער קלאפע אין א דאמפף-קעסעל וואס עפענט זיך אויטאמאטיש ארויסצולאזען דאמפף, ווען דער דאמפף-דרוק אין קעסעל ווערט צו גרויס און קען ברייינגען צו אן עקספלאזיאן].

saf′fian *n.* (סעפ′-אי-ען) סאפיאן [געפארבטער דינער ציעגען-לעדער אדער שעפסען-לעדער].

saf′flower *n.* (סעפ′-לאו-ער) זאפלאר אדער דער פאלשער זאפרען [אזא בלום]; זאפלאר-געלב, זאפלאר-רויט [א פארב געמאכט פון זאפלאר]; א מעדיצין געמאכט פון זאפלאר.

saf′fron *n. and a.* (סעפ′-ראן) זאפרען; די זאפרען-פלאנצע; זאפרען-פארביג, אראנזש-געלב.

Saffron

saf′fron-cro′cus *n.* (סעפ′-ראנ-קראו′-קאס) די זאפרען-פלאנצע.

saf′fron-this′tle *n.* (סעפ′-ראנ-טהיס′ל) זאפלאר. ז. *safflower*.

saf′frony *a.* (סעפ′-ראנ-אי) פון זאפרען-קאליר.

sag *v. and n.* (סעג) זיך זעצען, זינקען [הויפטזעכליך אין דעם מיטעלטייל, ווי למשל, א געביידע]: זיך איינבויגען; איינבויגען; מאכען זיך זעצען אדער זינקען; זיך אונטערגעבען אונטער א דרוק [פון ליידען, צווייפעל א. ז. וו.], ווערען ענטמוטיגט; אבווייכען פון דער ריכטונג אונטער׳ן דרוק פון ווינד אדער שטראם [ווענען א שיף]; אבבויגונג, זינקונג, זעצונג.

sa′ga *n.* (סא′-גא) א זאגע, אן ערצעהלונג, א לעגענדע, א מיטאלאגישע געשיכטע [הויפטזעכליך אן אלט-סקאנדינאווישע].

saga′ciate *v.* (סע-גיי′-שי-אייט) זיך פיהלען, זיך בעפינדען; האנדלען, ריידען אדער דענקען אין א געוויסער שטימונג.

saga′cious *a.* (סע-גיי′-שאס) 1. שארפזיניג, קלוג; 2. וואס האט א שארפען חוש הריח [ווי א הונד].

1. He proved a **sagacious** leader.

saga′ciously *adv.* (סע-גיי′-שאס-לי) מיט שארפזיניגקייט, מיט קלוגהייט, מיט חכמה.

saga′ciousness *n.* (סע-גיי′-שאס-נעס) ז. *sagacity*.

sagac′ity *n.* (סע-געס′-אי-טי) שארפזיניגקייט, קלוגהייט.

sa′gaman *n.* (סא′-גע-מען) א דערצעהלער פון זאגען. ז. *saga*.

sag′amore *n.* (סעג′-ע-מאור) אן אינדיאנישער הויפטלינג.

sag′apen *n.* (סעג′-ע-פען) ז. *sagapenum*.

sagape′num *n.* (סעג-ע-פי′-נאם) סאגאפען [א מין גומי וואס פלעגט אמאל געברויכט ווערען אלס הייל-מיטעל צו פערשיעדענע קראנקהייטען].

sag′athy *n.* (סעג′-ע-טהי) סארזשע, א מין וואלען-צייג.

Sage

sag′but *n.* (סעג′-באט) ז. *sackbut*.

sage *a. and n.* (סיידזש) קלוג, שארפזיניג; געלעהרט; א חכם, א דענקער, א פילאזאף; אן עלטערער, פראקטישער, קלוגער מאן; די זאלביי אדער שאלפיי [אזא גראז-פלאנצע].

sage′-brush *n.* (סיידזש′-בראש) אזא גראז אין די טרוקענע און בערגיגע וועסטליכע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

sage′-bush *n.* (סיידזש׳–בוש) ז. ***sage-brush***

sage′-cock *n.* (סיידזש׳–קאק) דער "ער" פון דער וואלד־הוהן וואס האלט זיך אין די וועסטליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ז. ***grouse***

sage′-green *n.* (סיידזש׳–גריען) גרויע פארב געמישט מיט עטוואס גרין.

sage′-grouse *n.* (סיידזש׳–גראוס) די וועסט־אמעריקאנישע וואלד־הוהן [האלט זיך אויף אין די וועסטליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]. ז. ***grouse***

sage′-hare *n.* (סיידזש׳–העהר) ז. ***sage-rabbit***

sage′-hen *n.* (סיידזש׳–העו) ז. ***sage-grouse***

sage′ly *adv.* (סיידזש׳–לי) מיט חכמה, מיט קלוגהייט.

sagene′ *n.* (סע–דזשיען׳) א נעץ; א פיש־נעץ; א סאזשען [א רוסישע לענג־מאס פון דריי ארשין אדער זיבען פוס].

sage′ness *n.* (סיידזש׳–נעס) קלוגהייט, חכמה.

sage′-rab′bit *n.* (סיידזש׳–רעב׳–איט) אזא קליינער קראליק אין די וועסטליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

sage′-thrash′er *n.* (סיידזש׳–טהרעש׳–ער) דער בערג־שפאט־פויגעל פון די וועסטליכע טיילען פון נארד־אמעריקא. ז. ***mocking-bird***

sage′wood *n.* (סיידזש׳–הוואוד) ז. ***sage-brush***

sag′gar *n. and v.* (סעג׳–אר) אזא ליי־מענער קאסטען מיט גראטעס צו טריקע־נען נור־וואס אויסגעארבייטע פארצעלייע־נע כלים; טריקענען פארצעלייענע כלים אין אזא קאסטען.

sag′gar-house *n.* (סעג׳–אר–האוס) א געביידע צו טריקענען נור־וואס אויסגע־ארבייטע פארצעלייענע כלים. ז. ***saggar***

sag′ging *n.* (סעג׳–אינג) דאס ברעכען זיך אין מיטען.

sag′inate *v.* (סעדזש׳–אי–נייט) אבשטא־פען, פעט מאכען [ווי אן עוף].

sagina′tion *n.* (סעדזש–אי–ניי׳–שאן) דאס אבשטאפען, דאס פעט־מאכען [אן עוף].

sagit′ta *n.* (סע–דזשיט׳–א) די פייל־נאהט [די פייל־עהנליכע נאהט פון שארבען]; די ים־פייל [אזא קליינער ים־ווארים].

sag′ittal *a.* (סעדזש׳–אי–טעל) פייל־אר־טיג, ווי א שים־פייל; וואס איז שייך צו דער פייל־נאהט [פייל־עהנליכע נאהט פון שארבען]; וואס געפינט זיך אין דער פייל־נאהט אדער פאראלעל צו דער פייל־נאהט.

sag′ittally *adv.* (סעדזש׳–אי–טעל–אי) ווי א פייל; אין דער ריכטונג פון דער פייל־נאהט [די פייל־עהנליכע נאהט פון שארבען].

Sagitta′ria *n.* (סעדזש–אי–טיי׳–רי–א) דער מין פייל־קרויט אדער פייל־גראזען [אזעלכע פייל־ארטיגע וואסער־גראזען, וואס איינינע מינים פון זיי ווערען גע־ברויכט אלס שפייז]. ז. ***arrow-head***

Sagitta′rius *n.* (סעדזש–אי–טיי׳–רי–אס) דער פייל און בויגען שיסער, מזל קשת [די זידליכע שטערן־גרופע וועלכע ווערט אין דער אלטער אסטראנאמיע פארגעשטעלט אין א בילד פון א פייל און בויגען שיסער].

Sagittarius

sag′ittary *a. and n.* (סעדזש׳–אי–טע–רי) וואס איז שייך צו פיילען אדער צום שיסען מיט פיילען; א צענטאור [ז. ***centaur***]; א פייל־ווארים [אזא קליי־נער ים־ווארים].

Sag′ittary *n.* (סעדזש׳–אי–טע–רי) ז. ***Sagittarius***

sag′ittate *a.* (סעדזש׳–אי–טייט) פיילען־עהנליך.

sag′ittated *a.* (סעדזש׳–אי–טיי–טעד) ז. ***sagittate***

sa′go *n.* (סיי׳–גאו) סאגא [א זארט גרויפען אדער מעהל געמאכט פון הארץ פון פאלמען־בוימער, הויפטזעכליך פון דער סאגא־פאלמע]. ז. ***sago-palm***

sagoin′ *n.* (סע–גאין׳) ז. ***saguin***

sa′go-palm *n.* (סיי׳–גאו–פאהם) די סאגא־פאלמע [פון דעם הארץ פון דיזען פאלמען־בוים ווערט געמאכט א מין גרוי־פען אדער מעהל וואס ווערט געברויכט אלס שפייז]. ז. ***sago***

Sago-palm

sa′go pud′ding (סיי׳–גאו פוד׳–אינג) א סאגא־פודינג [א פודינג געמאכט פון סאגא]. ז. ***sago***

sag′uin *n.* (סעג׳–הווין) די עק־אפע [אזא זיד־אמעריקאנישע מאלפע מיט א לאנגען עק].

sa′gy *a.* (סיי׳–דזשי) פול מיט זאלביי אדער שאלפיי; געווירצט מיט זאלביי. ז. ***sage***

Sahar′ic *a.* (סע–הער׳–איק) וואס איז שייך צו דער מדבר זאהארא [אין נארד־אפריקא].

sa′hib *n.* (סא׳–איב) הערר [געברויכט אין אינדיען און פערזיען אלס טיטול פאר איירָאפּעער].

sa′i *n.* (סא׳–אי) אזא זיד־אמעריקאנישע מאלפע [אפע].

sa′ic *n.* (סא׳–איק) אזא טערקישע אדער גריכישע האנדעלס־שיף.

said *a.* (סעד) געזאגט; דערמאהנט; פריהער דערמאהנט. ז. ***say***

sai′ga *n.* (סאי׳–גא) די סאיגא [אזא אנטילאפע מיט אן אויסערגעוועהנליך־ברייטער און פלאכער נאז].

Saiga

sai′ga-an′telope *n.* (סאי׳–גא–ענ׳–טי–לאופ) ז. ***saiga***

sail *n. and v.* (סייל) א זעגעל; א פלי־געל; א פליגעל פון א ווינדמיהל; א שיף; א פלאטע; א פארהאנג פון א וואגען; א רייזע אויף׳ן וואסער; דאס פאהרען [אויף א שיף אדער אין א וואגען]; זעגלען; טרייבען א שיף; ברייגנען אין בעוועגונג; זיך שיפען; פאהרען אויף׳ן וואסער; שווי־מען; זיך בעוועגען לייכט און אונבע־מערקט [ווי א פויגעל אדער א וואלקען]; זיך גלימשען [ווי א שיף אויף׳ן וואַ־סער]; זיך א יאג טהאן, ארויינשטירצען.

sail′able *a.* (סייל׳–עבל) וואס מען קען דארויף זעגלען, זיך שיפען אדער בערייזען מיט א שיף.

sail a race (סייל ע רייס) נעהמען אנטייל אין א שיפס־וועט־לויף.

sail′boat *n.* (סייל׳–באוט) א זעגעל־שיף [הויפטזעכליך א קליינע].

sail′-borne *a.* (סייל׳–באורן) געפיהרט מיט דער הילף פון זעגלען.

sail′-broad *a.* (סייל׳–בראהד) אויסגע־שפרייט ווי א זעגעל.

sail close to the wind (סייל קלאוס טו טהי הווינד) זיין אין א געפעהרליכער, ריזיקאלישער לאגע; שטעלען זיך אין א צו גרויסער ריזיקע; זיך בעוועגען אדער האנדלען זעהר פארזיכטיג; זיין אין א לאגע, אין וועלכער עס פאדערט זיך פיעל פארזיכטיגקייט; זיין אין געענגטע אומ־שטענדען, קוים דורכקומען מיט דער הכנסה.

sail′-cloth *n.* (סייל׳–קלאהטה) זעגעל־טוך, זעגעל־לייוועגד.

sailed *a.* (סיילד) בעזארגט מיט זעגלען; מיט ארויפגעצויגענע זעגלען.

sail′er *n.* (סייל׳–ער) א זעגלער; א זעגעל־שיף; א מאטראז.

sail′fish *n.* (סייל׳–פיש) א זעגעל־פיש [א פיש מיט א גרויסען רוקען־פלוס־פעדער]; דער שווערד־פיש; דער ריעזען־האיפיש.

sail′-hook *n.* (סייל׳–הוק) א זעגעל־האקען [א קליינער האטשעק אדער קרו־טשעק מיט וועלכען מען האלט צו א זעגעל בעת מען נעהט איהם].

sail′-hoop *n.* (סייל׳–הוהפ) א מאסט־רייף, א זעגעל־רינג [מיט וועלכען מען בע־פעסטיגט א זעגעל צו א מאסט].

sail'ing *n.* (סייל'-איננ) דאס זעגלען; דאס שיפען זיך, דאס פאהרען אויף'ן וואסער; די נאוויגאציאנס-קונסט; די נאוויגאציאנס-כללים.

sail'ing-direc'tions *n.* (סייל'-אינג-די-רעק'-שאנז) געדרוקטע אויסקינפטע וועגען נאוויגאציאן [וועגען די ימים, ברעגען א. ז. וו.].

sail'ing-fish *n.* (סייל'-אינג-פיש) ז. ***sailfish***.

sail'ing-ice *n.* (סייל'-אינג-איס) א פערפרוירענער שטח וואסער, דורך וועלכען מען קען זיך דורכברעכען א וועג מיט א זעגעלשיף.

sail'ing-mas'ter *n.* (סייל'-אינג-מעס'-טער) א שיפס-אויבער-לייטענאנט.

sail'ing-or'ders *n.* (סייל'-אינג-אהר'-דערז) בעפעהלע פאר א שיף אדער פאר א פלאטע ארויסצולאזען זיך אויף א רייזע.

sail'less *a.* (סייל'-לעס) וואס האט ניט קיין זעגלען.

sail'-loft *n.* (סייל'-לאהפט) א זעגעל-קאמער [א צימער אין וועלכען שיף-זעגלען ווערען געמאכט].

sail'maker *n.* (סייל'-מיי-קער) א זעגעל-מאכער, איינער וואס מאכט אדער פעררעכט זעגלען; א שיפס-אנגעשטעלטער, וואס האלט אין ארדנונג די זעגלען.

sail'or *n.* (סייל'-אר) א מאטראז.

sail'or-fish *n.* (סייל'-אר-פיש) ז. ***sailfish***.

sail'orman *n.* (סייל'-אר-מען) ז. ***sailor***.

sail o'ver (סייל או'-ווער) אין ארכיטעקטור — ארויסשטארצען, אריבערשטארצען.

sail'-room *n.* (סייל'-רוהם) א זעגעל-קאמער, א פלאץ אויף א שיף, וואו מען האלט דיא זעגלען.

sail'-trim'mer *n.* (סייל'-טרימ'-ער) איינער וואס האלט אין ארדנונג די זעגלען אויף א קריעגס-שיף בעת א פיינדליכען צוזאמענשטויס.

sai'miri *n.* (סאי'-מי-רי) אזא זיד-אמעריקאנישע מאלפע [אפע].

sain'foin *n.* (סיינ'-פאין) די עספארזעטע [א מין קלעע-פלאנצע].

saint *a.*, *n.* *and* *v.* (סיינט) הייליג; א הייליגער, א קדוש; א מלאך; א בילד פון א הייליגען; פעררעכענען אדער ערקלערען פאר א הייליגען, קאנאניזירען; זיך אויפפיהרען ווי א הייליגער.

saint'dom *n.* (סיינט'-דאם) דאס זיין א הייליגער; דאס זיין קאנאניזירט אדער אנערקענט פון דער קירך אלס א הייליגער.

saint'ed *a.* (סיינט'-עד) הייליג; פרום; געהייליגט; קאנאניזירט, אנערקענט פון דער קירך אלס הייליגער; ארויף אויף'ן הימעל; געשטארבען.

saint'ess *n.* (סיינט'-עס) א הייליגע; א פרוי וואס איז קאנאניזירט געווארען [פעררעכענט געווארען פון דער קירך אלס הייליגע].

saint'foin *n.* (סיינט'-פאין) ז. ***sainfoin***.

saint'hood *n.* (סיינט'-הוד) דער כאראקטער, שטאנד אדער ווירדע פון א הייליגען.

saint'ish *a.* (סיינט'-איש) עטוואס עהנליך צו א הייליגען; כלומר'שט הייליג אדער פרום.

saint'ism *n.* (סיינט'-איזם) כלומר'שדיגע הייליגקייט אדער פרומקייט.

saint'like *a.* (סיינט'-לאיק) ז. ***saintly***.

saint'lily *adv.* (סיינט'-לי-לי) ווי א הייליגער; עהנליך צו א הייליגען.

saint'liness *n.* (סיינט'-לי-נעס) הייליגקייט; דאס זיין עהנליך צו א הייליגען.

saint'ly *a.* (סיינט'-לי) הייליג, ווי א הייליגער; וואס פאסט פאר א הייליגען.

Saints' bell (סיינטס בעל) א האנד-גלאק וואס ווערט בענוצט אין צייט פון קירכען-דיענסט ביי די קאטוילִיקען.

saint'-seem'ing *a.* (סיינט'-סיעמ'-אינג) וואס שיינט צו זיין הייליג.

saint'ship *n.* (סיינט'-שיפ) הייליגקייט; דער שטאנד אדער ווירדע פון א הייליגען.

Saint-Simo'nian *a.* *and* *n.* (סיינט-סאי-מאָ'-ני-ען) וואס איז שייך צו סען-סימאניזם; א סען-סימאניסט, אן אנהענגער אדער נאכפאלגער פון סען-סימאן. ז. ***Saint-Simonism***.

Saint-Simo'nianism *n.* (סיינט-סאי-מאו'-ני-ען-איזם) ז. ***Saint-Simonism***.

Saint-Si'monism *n.* (סיינט-סאי'-מאנ-איזם) סען-סימאניזם, די סאציאליסטישע לעהרען פון סען-סימאן [1760—1825] און זיינע נאכפאלגער. סען-סימאן האט געפאדערט די אבשאפונג פון פריוואט-אייגענטום, דאס גאנצע רייכטום פון לאנד זאל בעלאנגען צו דער מלוכה, און יעדער בירגער זאל ווערען בעלוינט לויט זיינע פערדיענסטען. ירושה-רעכט און אלע אנדערע פריווילעגיעס זאלען אבגעשאפט ווערען.

Saint-Si'monist *n.* (סיינט-סאי'-מאנ-איסט) א סען-סימאניסט, אן אנהענגער אדער נאכפאלגער פון סען-סימאן. ז. ***Saint-Simonism***.

saj *n.* (סעדזש) אן אסט-אינדישער בוים מיט זעהר א הארטען און גוטען האלץ [די קארע ווערט בענוצט אין גארבען פעל און אויך אין שווארצער פארב].

sajene *n.* (סע-דשיען') א נעץ; א פיש-נעץ.

sajou' *n.* (סע-רזשוה') א מין דרום-אמעריקאנישע אפע.

sake *n.* (סייק) א צוועק; דער מאטיוו פון עפעס; א גרונד, אן אורזאך; אן אינטערעס צו עפעס; אכטונג.

sak'e *n.* (סעק'-ע) א מין שארפער געטראנק ביי די יאפאנעזער, געמאכט פון רייז.

sa'ke *n.* (סיי'-קע) ז. ***saki***.

sa'ker *n.* (סיי'-קער) די "זי" פון א גרוי-קעפיגען פאלק-פויגעל אדער סאקאל; א פאלקאנעט [א מין קליינער הארמאט].

sa'keret *n.* (סיי'-קער-עט) א מין גרוי-קעפיגער פאלק-פויגעל.

sak'i *n.* (סעק'-אי) די סאקי [א דרום-אמעריקאנישע קליינע אפע מיט לאנגע האר און מיט א לאנגען עק].

sal *n.* (סעל) זאלץ.

sal *n.* (סאל) א מין אינדישער בוים מיט א הארטען טונקעל-ברוינעם האלץ.

salaam' *n.* *and* *v.* (סע-לאם') סאלאאם, אן ארט צערעמאניאלע בעגריסונג אין די אריענטאלישע לענדער [צולעגענדיג די רעכטע האנד צום שטערען און בוקענדיג זיך ביז דער ערד]; בעגריסען מיט א סאלאאם; בעגריסען.

salabil'ity *n.* (סיי-לע-ביל'-אי-טי) דאס זיין צום פערקויפען; דאס קענען פערקויפט ווערען.

sa'lable *a.* (סיי'-לעבל) פערקויפליך, גאנגבאר, וואס קען פערקויפט ווערען.

sa'lableness *n.* (סיי'-לעבל-נעס) ז. ***salability***.

sa'lably *adv.* (סיי'-לע-בלי) אויף א פערקויפליכען, גאנגבארען אופן.

sala'cious *a.* (סע-ליי'-שאס) תאוה'דיג; ניאוף'דיג.

sala'ciously *adv.* (סע-ליי'-שאס-לי) מיט תאוה; נאוף'דיג.

sala'ciousness *n.* (סע-ליי'-שאס-נעס) ז. ***salacity***.

salac'ity *n.* (סע-לעס'-אי-טי) תאוה; ניאוף.

sal'ad *n.* (סעל'-עד) סאלאט [קרייטיכער וואס ווערען צוגעריכט מיט עסיג, בוימאויל א. ז. וו.]; גארטען-פלאנצען וואס דיענען אלס סאלאט; געהאקטעס און צוגעריכטעטעס פלייש מיט גרינסען.

sal'ad-oil *n.* (סעל'-עד-איל) בוימאויל וואס ווערט געברויכט אין צוריכטען סאלאט.

sal'ad-spoon *n.* (סעל'-עד-ספוהן) א גרויסער הילצערנער לעפעל וואס ווערט געברויכט אין צוריכטען סאלאט.

sal'al-ber'ry *n.* (סעל'-על-בער'-אי) א מין שווארצע זיסע יאגדע.

salam' *n.* *and* *v.* (סע-לאם') ז. ***salaam***.

scherzan′do *a.* (סקער-טסאנ′-דא) אין מוזיק — לעבעדיג, מונטער [וועגען דער ארט פון שפיעלען געוויסע מוזיקאלישע שטיקער].

scher′zo *n.* (סקער′-טסא) אין מוזיק — סקערצא, אן ארט לייכטער, לעבהאפטער איבערגאנג אין שפיעלען א מוזיקאלישע שטיק.

Schiedam′ *n.* (סקי-דעם′) אזא האלענדישער שנאפס.

schil′ler *n.* (שיל′-ער) א ספעציפישער שיין, וועלכען עס לאזען ארויס פון זיך געוויסע מינעראלען.

schism *n.* (סיזם) א שפאלטונג, א פאנאנדערטיילונג; א שפאלטונג אין דער קירך, וואס קומט פאר צוליעב געוויסע מיינונגס=פערשיעדענהייטען אין אמונה=פראגען;

דאס זוכען צו מאכען א שפאלטונג אין דער קירך; א סעקטע וואס האט זיך אבגעטיילט פון דער הערשענדער קירך.

schismat'ic *a. and n.* (סיז-מעט'-איק) וואס איז שייך צו א שפאלטונג אין דער קירך; אבטריניג; וואס שפאלט זיך אב פון דער הערשענדער קירך אדער פון א סעקטע; איינער וואס טיילט זיך אב פון דער קירך צוליעב רעליגיעזע מיינונגס=פערשיעדענהייטען.

schismat'ical *a.* (סיז-מעט'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א שפאלטונג אין דער קירך; אבטריניג; וואס שפאלט זיך אב פון דער הערשענדער קירך.

schismat'ically *adv.* (סיז-מעט'-אי-קעל-אי) דורך שפאלטונג.

schismat'icalness *n.* (סיז-מעט'-אי-קעל-נעס) אבטריניגקייט, א קירכען=שפאלטונג.

schis'matize *v.* (סיז'-מע-טאיז) פעראורזאכען א שפאלטונג אין דער קירך.

schist *n.* (שיסט) א פעלז, וואס שפאלט זיך אויף דינע פלאטען, א שיעפער=שטיין.

schista'ceous *a.* (שיס-טיי'-שיאס) אין זאאלאגיע און באטאניק — בלויליך=גרוי.

schis'tic *a.* (שיס'-טיק) ווי שיעפער=שטיין, שיעפער=פערמיג, שיעפער=ארטיג.

schis'tify *v.* (שיס'-טי-פאי) מאכען עהנליך צו שיעפער=שטיין [אז עס זאל זיך שפאלטען אין דינע פלאטען].

schizogen'esis *n.* (סקיז-א-דזשענ'-ע-סיס) אין ביאלאגיע — דאס פרוכפערען זיך דורך טיילונג אדער שפאלטונג.

schizog'ony *n.* (סקאי-זאג'-א-ני) ז. *schizogenesis*

schmel'ze *n.* (שמעל'-טסע) געוויסע זארטען קאלירטעס גלאז וואס ווערט בענוצט אין דעקאראציאנען.

schnapps *n.* (שנעפס) ז. *schnaps*

schnaps *n.* (שנעפס) שנאפס, ליקער, בראנפען.

schol'ar *n.* (סקאל'-אר) א שילער, א סטודענט; א געלעהרטער, א למדן, א קענער.

schol'arly *a.* (סקאל'-אר-לי) געלעהרט: ווי עס פאסט פאר א למדן.

schol'arship *n.* (סקאל'-אר-שיפ) געלעהרזאמקייט, ערודיציאן; בילדונג, ערציהונג; סטיפענדיע, א סומע געלד וואס ווערט געצאהלט צו א סטודענט, אום ער זאל האבען די מעגליכקייט צו ענדיגען דעם קורס פון למודים.

scholas'tic *a. and n.* (סקא-לעס'-טיק) שוהל=מעסיג; וואס איז שייך צו א שוהל אדער געלעהרטען; געלעהרט; סכאלאסטיש, וואס איז שייך צו דער סכאלאסטישער פילאזאפיע פון מיטעלאלטער; קאלט, אהן געפיהל, טרוקען, פארמאליסטיש, פעדאנטיש; א שוהל=געלעהרטער, א למדן; א סכאלאסטיקער, איינער וואס גיט זיך אב מיט רעליגיעזע פראגען אין גייסט פון דער מיטעלאלטערליכער סכאלאסטיק. ז. *scholasticism*

scholas'tical *a. and n.* (סקא-לעס'-טי-קעל) ז. *scholastic*

scholas'tically *adv.* (סקא-לעס'-טי-קעל-אי) אויף א סכאלאסטישען שטייגער; לויט דער מעטאדע פון די מעטאפיזישע שוהלען פון מיטעלאלטער.

scholas'ticism *n.* (סקא-לעס'-טי-סיזם) די סכאלאסטיק, די מיטעלאלטערליכע עקלעקטישע פילאזאפיע, וועלכע איז געווען א מין פעראייניגונג פון אריסטאטעל'ס פילאזאפיע מיט די רעליגיאנס=לעהרען פון די פאטערס פון דער קריסטליכער קירך; טרוקענער, אינהאלטלאזער און נוצלאזער פלפול.

scho'lia *n.* (סקאו'-לי-א) סכאליומס. ז. *scholium*

scho'liast *n.* (סקאו'-לי-עסט) א סכאליאסט, איינער וואס שרייבט קורצע בעמערקונגען אדער פירושים אויף די זייטען פון די ספרים פון די אמאליגע שרייבער; אן ערקלערער, א פירוש=מאכער.

scholias'tic *a.* (סקאו-לי-עס'-טיק) סכאליאסטיש, וואס איז שייך צו א סכאליאסט. ז. *scholiast*

scho'lion *n.* (סקאו'-לי-אן) ז. *scholium*

scho'lium *n.* (סקאו'-לי-אם) א סכאליום, א קורצע בעמערקונג אדער פירוש אויף דער זייט פון א ספר [ספעציעל פון אן אלט=גריכישען אדער לאטיינישען ספר].

school *n., v. and a.* (סקוהל) א שול, א לעהר=אנשטאלט; דאס שול=הויז; דאס לערנען, דער אונטערריכט; בילדונג, געלעהרזאמקייט; די שוהל, די שטה; א רעליגיעזע סעקטע; א מחנה פיש; אונטערריכטען, לערנען, בילדען; ערציהען; דיסציפלינירען; שווימען אין א מחנה, בילדען א מחנה [וועגען פיש]; וואס איז שייך צו א שול, פון א שול.

school'-board *n.* (סקוהל'-באורד) א שול=קאמיטעט [א ספעציעלער קאמיטעט אין א שטאדט אדער דארף, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט די שול=ערציהונג פון די קינדער].

school'-book *n.* (סקוהל'-בוק) א שול=בוך, א בוך פאר שול=קינדער.

school'-boy *n.* (סקוהל'-באי) א שול=אינגעל, א חדר=אינגעל.

school'-bred *a.* (סקוהל'-ברעד) וואס האט בעקומען א שול=ערציהונג.

school commis'sioner (סקוהל קא-מיש'-אנ-ער) א בעאמטער וואס פערוואלטעט איבער די ענינים פון פאלקס=בילדונג אין א שטאאט, שטאדט אדער שול=בעצירק.

school'-commit'tee *n.* (סקוהל'-קא-מיט'-אי) א קאמיטעט וואס האט אונטער זיין אויפזיכט די פאלקס=שולען פון שטאדט אדער דיסטריקט.

school'-dame *n.* (סקוהל'-דיים) ז. *schoolmistress*

school'-days *n.* (סקוהל'-דייז) די לעבענס=צייט · אדער די יאהרען ווען מען לערענט אין שול.

school'-dis'trict *n.* (סקוהל'-דיס'-טריקט) דער שול=בעצירק, איינער פון די בעצירקען, אויף וועלכע א שטאדט איז צוטיילט בנוגע צום בויען און פערוואלטען די פאלקס=שולען.

schooled in adver'sity (סקוהלד אין עד-וואיר'-סי-טי) געפרובט אין אונגליקען, דורכגעמאכט פיעל צרות.

school'-fel'low *n.* (סקוהל'-פעל'-או) א שול=חבר, א שול=קאמעראד.

school'-fish *n.* (סקוהל'-פיש) א פיש, וואס האט א געוועהנהייט זיך צו האלטען אין מחנות.

school'-girl *n.* (סקוהל'-גוירל) א שול=מיידעל; א מיידעל, וואס לערענט אין שול.

school'-house *n.* (סקוהל'-האוס) א שול=הויז, א שול=געביידע.

schoo'ling *n.* (סקוה'-לינג) אונטערריכט; שול=געלד; שכר לימוד; טאדלונג, דאס אויס'מוסר'ען.

school'maid *n.* (סקוהל'-מייד) ז. *school-girl*

school'man *n.* (סקוהל'-מען) א לעהרער, א פעדאגאג; א לעהרער פון א מיטעלאלטערליכער אוניווערזיטעט אדער אנדערער לעהר=אנשטאלט; א סכאלאסטיקער. ז. *scholastic*

school'master *n.* (סקוהל'-מעס-טער) א שול=דירעקטאר, א שול=האלטער.

school'mate *n.* (סקוהל'-מייט) א שול=חבר, איינער אדער איינע וואס בעזוכט דיעזעלבע שול.

school'mistress *n.* (סקוהל'-מיס-טרעס) א שול=לעהרערין; א דירעקטארין אדער פערוואלטערין פון א שול.

school'-name *n.* (סקוהל'-ניים) אן אבסטראקטער אויסדרוק, אן אבסטראקציאן; אווארט וואס בלויז געלעהרטע געברויכען.

school of design' (סקוהל אָוו די-זאין') א צייכנונגס=שול. ז. *academy of design*

school'-pence *n.* (סקוהל'-פענס) א קליינע וועכענטליכע שול=אבצאהלונג אדער שכר=למוד [אין ענגלאנד].

school'-room *n.* (סקוהל'-רוהם) 1. ט לעהר=צימער, א שול=הויז; 2. שולען, שול=פלעצער.

2. The city needs more school-room.

school'-ship *n.* (סקוהל'-שיפ) א שיף וואס ווערט בענוצט צו לערנען די נאוויגאציאנס=קונסט.

school'-taught *a.* (סקוהל'-טאהט) וואס האט געלערענט אין א שול; וואס האט בעקומען שול=בילדונג; וואס האט בעקומען סיסטעמאטישע בילדונג.

school'-tea'cher *n.* (סקוהל'-טיע'-טשער) א שול=לעהרער.

school'-tea'ching *n.* (סקוהל'-טיע'-טשינג) שול=אונטערריכט.

school'-time *n.* (סקוהל'-טאים) די שול=צייט, די צייט ווען א שול איז אפען; די שול=יאהרען; די לעבענס=צייט, ווען מען לערענט אין שול.

schoo'ner *n.* (סקוה'-נער) א שקונע [א צוויי=מאסטיגע שיף [ז. איל.]; א פריירי=שקונער, א פריירי=בויד [א וואגען מיט א בויד, אין וועלכען עמיגראנטען פלעגען פאהרען אין די נארד=אמעריקאנישע סטעפען]; א הויכעס ביער=גלאז.

Schooner

schorl *n.* (שאהרל) דער שווארצער טורמאלין [א מין שטיין].

schorla'ceous *a.* (שאהר-ליי'-שיאס) וואס ענטהאלט טורמאלין. ז. *schorl*

schor'lous *a.* (שאהר'-לאס) וואס איז שייך צו טורמאלין. ז. *schorl*

schot'tische *n.* (שאט'-איש) א טאנץ, עהנליך צו א פאלקא; די מוזיק פאר דיעזען טאנץ.

schout *n.* (סקאוט) א מאגיסטראט פון

א פארשטעדטעל אדער דארף; א לאנדריכטער; א שעריף [אין די ערשטע האלענדישע קאלאניעס פון אמעריקא].

sci'agraph *n. and v.* (סאי׳-ע-גרעף) א געאמעטרישע צייכנונג וועלכע שטעלט פאר א ווערטיקאלען דורכשניט פון א געביידע צו ווייזען דעם אינוועניגסטען אויסזעהן; א פאטאגראפיע וואס איז גענומען מיט רענטגען=שטראהלען [עקס=שטראהלען]; נעהמען א פאטאגראפיע מיט עקס=שטראהלען.

sciagraph'ic *a.* (סאי-ע-גרעפ׳-איק) וואס איז שייך צו דער קונסט פון שאטירען צייכנונגען [ז. *sciagraphy*]; וואס איז פאטאגראפירט דורך עקס=שטראהלען.

sciagraph'ical *a.* (סאי-ע-גרעפ׳-אי-קעל) ז. *sciagraphic*

sciagraph'ically *adv.* (סאי-ע-גרעפ׳-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו דער קונסט פון שאטירען צייכנונגען. ז. *sciagraphy*

sciag'raphy *n.* (סאי-עג׳-רע-פי) די קונסט פון שאטירען צייכנונגען, די קונסט ריכטיג צו פערטיילען ליכט און שאטען אויף א צייכנונג; א צייכנונג וואס שטעלט פאר דעם דורכשניט אדער די זייטען=אנזיכט פון א געביידע; אין אסטראנאמיע — די קונסט צו בעשטימען די צייט פון טאג און נאכט לויט דעם שאטען; פאטאגראפיע מיט דער הילף פון עקס=שטראהלען [רענטגען=שטראהלען].

sciam'achy *n.* (סאי-עמ׳-ע-קי) א קאמפף מיט'ן אייגענעם שאטען, א קאמפף מיט אן איינגעבילדעטען שונא.

sciam'etry *n.* (סאי-עמ׳-ע-טרי) די לעהרע וועגען פערפינסטערונגען פון דער זון און פון דער לבנה [לקוי חמה און לקוי לבנה].

sciather'ic *a. and n.* (סאי-ע-טהער׳-איק) וואס איז שייך צו א זונען=אוהר; דאס מאכען זונען=זייגערס; דאס בעשטימען די צייט דורך א זונען=זייגער.

sciather'ical *a.* (סאי-ע-טהער׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו א זונען=אוהר.

sciather'ically *adv.* (סאי-ע-טהער׳-אי-קעל-אי) אויף דער ארט פון א זונען=זייגער.

sciat'ic *a. and n.* (סאי-עט׳-איק) וואס געהערט צו די היפטען; א היפטען=נערוו; היפטען=שמערץ.

sciat'ica *n.* (סאי-עט׳-אי-קא) היפטען=שמערץ, היפטען=וועהטאג.

sciat'ical *a.* (סאי-עט׳-אי-קעל) וואס ליידט פון היפטען=שמערץ; וואס איז שייך צו א היפטען=נערוו.

sciat'ically *adv.* (סאי-עט׳-אי-קעל-אי) דורך היפטען=וועהטאג.

scib'ile *n.* (סיב׳-אי-לע) עטוואס וואס מען קען בענעהמען, בעגרייפען אדער משיג זיין.

sci'ence *n.* (סאי׳-ענס) וויסענשאפט; קענטניס; קונסט; געשיקטליכקייט.

scien'ter *adv.* (סאי-ענ׳-טער) וויסענדיג, במזיד.

scien'tial *a.* (סאי-ענ׳-שעל) וואס איז שייך צו וויסענשאפט אדער קענטניס; וויסענשאפטליך.

scienti'cian *n.* (סאי-ענ-טיש׳-ען) א וויסענשאפטס=מאן.

scientif'ic *a.* (סאי-ענ-טיפ׳-איק) וויסענשאפטליך; געלעהרט, געלערענט.

scientif'ically *adv.* (סאי-ענ-טיפ׳-אי-קעל-אי) אויף א וויסענשאפטליכען אופן; אין בעצוג צו די כללים פון דער וויסענשאפט.

sci'entist *n.* (סאי׳-ענ-טיסט) א וויסענשאפטס=מאן, א געלעהרטער.

scientis'tic *a.* (סאי-ענ-טיס׳-טיק) וואס האט פרעטענזיעס אויף וויסענשאפט, כלומר'שט וויסענשאפטליך.

scien'tolism *n.* (סאי-ענ׳-טא-ליזם) כלומר'שדיגע וויסענשאפט, פאלשע וויסענשאפט.

scil. [נעמליך]. אבקירצונג פון *scilicet*

scil'icet *adv.* (סיל׳-אי-סעט) נעמליך.

scim'itar *n.* (סימ׳-אי-טאר) ז. *scimiter*

scim'iter *n.* (סימ׳-אי-טער) אזא קרומער טערקישער זעבעל.

scintil'la *n.* (סינ-טיל׳-א) א פונק; א קליין טיילכעלע, א טראפען, א קליין ביסעלע.

scin'tillant *a.* (סינ׳-טי-לענט) שפריצענד פונקען, פינקלענד; וואס שפריצט מיט פונקען.

scin'tillate *v.* (סינ׳-טי-לייט) שפריצען פונקען; פינקלען.

scintilla'tion *n.* (סינ-טי-ליי׳-שאן) דאס שפריצען פונקען; דאס פינקלען; א פונק.

scin'tillously *adv.* (סינ׳-טי-לאס-לי) פינקעלדיג.

sciog'raphy *n.* (סאי-אג׳-רע-פי) ז. *sciagraphy*

sci'olism *n.* (סאי׳-א-ליזם) אויבערפלעכליכע אדער כלומר'שדיגע קענטניסע.

sci'olist *n.* (סאי׳-א-ליסט) אן אויבערפלעכליכער קענער, א כלומר'שדיגער געלעהרטער.

sciolis'tic *a.* (סאי-א-ליס׳-טיק) וואס האט אויבערפלעכליכע קענטניסע; וואס איז כלומר'שדיג וויסענשאפטליך.

sci'olous *a.* (סאי׳-א-לאס) אויבערפלעכליך.

sciom'achy *n.* (סאי-אמ׳-ע-קי) ז. *sciamachy*

sci'omancy *n.* (סאי׳-א-מענ-סי) וואהרזאגונג אדער כשוף דורך שאטענס.

sci'on *n.* (סאי׳-אן) א צווייג, א צווייגעל; א צווייגעל וואס איז אבגעשניטען געווארען, אום עס אריינצופלאנצען אין אן אנדער בוים; אן אבשטאם.

sciop'tic *a.* (סאי-אפ׳-טיק) וואס איז שייך צו א קאמערא אבסקורא [א פינסטערע קאמער פאר פאטאגראפישע אבבילדונגען] אדער צו דער קונסט אויפצונעהמען ליכט=בילדער מיט דער הילף פון א קאמערא אבסקורא.

sciop'tic ball (סאי-אפ׳-טיק באהל) א בעוועגליכער הילצערנער באל אין וועלכען עס איז איינגעפאסט א גלאז=לינזע ווי פון א פאטאגראפישען אפאראט [ווערט געברויכט פאר פאטאגראפישע צוועקען].

sciop'tics *n.* (סאי-אפ׳-טיקס) די קונסט פון אויפנעהמען ליכט=בילדער מיט דער הילף פון א קאמערא אבסקורא [א פינסטערע קאמער].

sci'otheism *n.* (סאי׳-א-טהי-איזם) גייסטער=פערגעטערונג, די פערגעטערונג פון די גייסטער פון די פערשטארבענע עלטערען און אור=עלטערען.

sci're fa'cias (סאי׳-רי פיי׳-שי-עס) א געריכטס=בעפעהל אויסצופיהרען אן אורטייל.

scir'rhoid *a.* (סקיר׳-איד) וואס איז עהנליך צו א פערהארטעוועטער געשוויולעכץ.

scirrhos'ity *n.* (סקי-ראס׳-אי-טי) א קראנקהאפטע פערהארטונג [ווי פון א דריזע א. ד. ג.].

scir'rhous *a.* (סקיר׳-אס) פערהארטעוועט [וועגען א געשווילעכץ, א דריזע א. ד. ג.]; וואס קומט פון א פערהארטונג.

scir'rhus *n.* (סקיר׳-אס) א פערהארטעוועטער אנוואוקס, א פערהארטעוועטע געשווילעכץ.

scis'sel *n.* (סיס׳-על) מעטאל=אבפאל [שטיקלעך מעטאל וואס פאלען אב ביים אויסארבייטען מעטאלענע געגענשטענדע]; שטיקלעך בלעך וואס פאלען אב ביים אויסשניידען רונדע בלעך=פלאטען.

scis'sible *a.* (סיס׳-איבל) וואס קען געשניטען אדער צושניטען ווערען.

scis'sil *n.* (סיס׳-איל) ז. *scissel*

scis'sile *n. and a.* (סיס׳-איל) מעטאל=אבפאל; וואס מען קען שניידען אדער שפאלטען.

scis'sion *n.* (סיש׳-אן) צושניידונג, צוטיילונג, צושפאלטונג.

scis'sor *v.* (סיז׳-אר) שניידען מיט א שער.

scis'sorbill *n.* (סיז׳-אר-ביל) דער שערען=שנאבעל [אזא פויגעל מיט א לאנגען שער=פערמיגען שנאבעל].

Scissorbill

scis'sors *n.* (סיז׳-ארז) א שער.

scis'sors-grin'der *n.* (סיז׳-ארז-גראינ׳-דער) א שערען=שלייפער.

scis'sortail *n.* (סיז׳-אר-טייל) אזא אמעריקאנער פויגעל מיט א לאנגען שער=פערמיגען עק.

scis'sorwise *adv.* (סיז׳-אר-הוואיז) אזוי ווי א שער.

scis'sure *n.* (סיש׳-אור) א שפאלט, א ריס.

scitamin'eous *a.* (סיט-ע-מינ׳-אי-אס) וואס געהערט צו די געווירץ=ליליען.

sciu'rid *n.* (סאי-יו׳-ריד) א וועווערקע.

Sciu'ridæ *n.* (סאי-יו׳-רי-דיע) דער מין גריזשענדע חיות צו וועלכען עס געהערען וועווערקעס, מורמעל=טהיערע א. ד. ג.

sci'urine *a. and n.* (סאי׳-יו-רין) עהנליך צו א וועווערקע; א וועווערקע.

sciu'roid *a. and n.* (סאי-יו׳-ראיד) ז. *sciurine*

Sciu'rus *n.* (סאי-יו׳-ראס) אזא מין וועווערקעס מיט א לאנגען און האריגען עק.

Sclav *n.* (סקלאוו) ז. *Slav*

Sclave *n.* (סקלאוו) ז. *Slav*

Sclav'ic *a.* (סקלאוו׳-איק) ז. *Slavic*

Sclavo'nian *a. and n.* (סקלע-וואו׳-ני-ען) ז. *Slavonian*

scle'ra *n.* (סקלי׳-רא) די הארטע הויט פון דעם אויג=אפעל.

scle'roderm *n. and a.* (סקלי׳-רא-דוירם) דער הארט=הויטער [אזא פיש וואס זיין הויט איז שארפטיג און הארט]; די פערהארטעוועטע מאסע פון קאראלען; קאראלען; הארט=הויטיג, וואס האט א הארטע בעדעקונג.

scleroder'matous *a.* (סקלי-רא-דויר׳-

מע-טאם) הארט-הויטיג; וואס האט א הארטע איבערדעקונג; וואס ליידט פון הויט-פערהארטונג.

scleroder'mia *n.* (סקלי-רא-דויר'-מי-א) א הויט-פערהארטונג.

scleroder'mous *a.* (סקלי-רא-דויר'-מאס) ז. *sclerodermatous*

scle'rogen *n.* (סקלי'-רא-דזשען) אין באטאניק — דער האלץ-פאזער-שטאף וואס זעצט זיך אב אויף דער אינערליכער פלעכע פון די צעלען פון געוויסע פלאנצען און מאכט זיי דיקער, ווי צ. ב. אין דער שאלעכץ פון וועלישע ניס; האלץ-פאזער-שטאף.

scle'roid *a.* (סקלי'-ראיד) אין באטאניק — וואס האט א הארטען געוועב, ווי די שאלעכץ פון ניס; אין זאאלאגיע — פערהארטעוועט.

sclerome'ninx *n.* (סקלי-רא-מיע'-נינקס) ז. *dura mater*

sclerom'eter *n.* (סקלי-ראמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די הארטקייט פון מינעראלען.

scle'rosed *a.* (סקלי'-ראוסט) אונגאטירליך הארט, פערהארטעוועט.

sclero'sis *n.* (סקלי-ראו'-סיס) א קרענקליכע פערדיקונג און פערהארטונג פון דער הויט אדער פון דעם צעלען-געוועב; אין באטאניק — די פערדיקונג און פערהארטונג פון דעם ווענטעל פון א צעלע [ווי שאלעכץ].

sclerot'ic *a. and n.* (סקלי-ראט'-איק) הארט, פערהארטעוועט [בעזאנדערס וועגען דער אויסערליכער הויט פון אויג]; דאס ווייסעל פון אויג; א פערהארטונגס-מיטעל, א מעדיצין וואס פערהארטעוועט.

sclerot'ica *n.* (סקלי-ראט'-אי-קא) דאס ווייסעל פון אויג.

scle'rous *a.* (סקלי'-ראס) הארט.

scoat *v.* (סקאוט) ז. *scote*

sco'biform *a.* (סקאו'-בי-פארם) ווי זעג-שטויב, ווי פייל-שטויב.

scobs *n.* (סקאבז) זעג-שטויב; פייל-שטויב; מעטאל-אבפאל, פסלת.

scoff *v. and n.* (סקאהף) שפאטען, חוזק מאכען, פערשפאטען; שפאט, חוזק.

scoff'er *n.* (סקאהפ'-ער) א שפאטער, א חוזק-מאכער.

scoff'ing *a.* (סקאהפ'-אינג) שפאטענד, שפאטיש.

scoff'ingly *adv.* (סקאהפ'-אינג-לי) מיט שפאט, מיט חוזק; אבשפאטענדיג.

scold *v. and n.* (סקאולד) שילטען, זידלען; זיך קריעגען; איינער וואס שילט, זידעלט אדער קריעגט זיך; אן ארורה, א סעדיכע, א שילטערקע; א זידלעריי, א שילטעריי, א קריעגעריי.

scol'der *n.* (סקאול'-דער) א זידלער, א שילטער.

scol'ding *a. and n.* (סקאול'-דינג) זידלענד, שילטענד; זידלעריי, שילטעריי.

scol'ecite *n.* (סקאל'-אי-סאיט) סקאלעציט [אזא מינעראל].

scol'lop *n. and v.* (סקאל'-אפ) ז. *scallop*

scol'loped *a.* (סקאל'-אפט) ז. *scalloped*

scolopen'dra *n.* (סקאל-א-פענ'-דרא) אזא פאבעלהאפטע מורא'דיגע ים-בעשעפעניש.

Scom'ber *n.* (סקאמ'-בער) דער מין מאקרעלען. ז. *mackerel*

scom'beroid *a. and n.* (סקאמ'-בע-ראיד) ז. *scombroid*

scom'broid *a. and n.* (סקאמ'-בראיד) וואס איז עהנליך צו א מאקרעל-פיש; א פיש פון דעם מין מאקרעלען.

sconce *n. and v.* (סקאנס) א שוץ-דעקע; א באלווערק, א פארט, א שוץ-פעסטונג; א העלם, א היטעל; דער קאפ, דער שארבען, דער שיידעל; שכל, פערשטאנד, מח; א געלד-שטראף; א געלד-שטייער; אן אבדאך; א שירמע; אן אייז-קריהע; א פינסטערע לאנטערנע; א לאנטערנע; א וואנד-לייכטער; דאס רעהרעל פון א לייכטער וואו מען שטעלט אריין דאס ליכט; בעדעקען, בעשיצען; בעפעסטיגען; ארויפלעגען א געלד-שטייער אדער א געלד-שטראף.

scoop *n. and v.* (סקוהפ) א שויפעל; א טיעפער שויפעל מיט א קורצען הענטעל; אן אויסהוילונג; א לאך; א שפאטעל [א שויפעל אדער לעפעל-פערמיגער כירורגישער אינסטרומענט]; א פעטע מטבע וואס איז געכאפט געווארען פון א ספעקולאציע אדער אויף אן עהנליכען אופן; דאס שויפלען, דאס שעפען; דאס פערכאפען א זעהר וויכטיג שטיקעל נייעס דורך א צייטונג פריהער ווי אלע אנדערע צייטונגען; אויסשויפלען, אויסשעפען; צונויפכאפען, צונויפשארען ווי מיט א שויפעל [דורך שווינדעל אדער גוואלט]; אויסלעדיגען; אויסהוילען, אויסגראבען; פאנגען מיט א נעץ, ארויסשלעפען מיט א נעץ [וועגען אויסטערס]; אויסכאפען א וויכטיג שטיקעל נייעס און פערעפענטליכען פריהער ווי אלע אנדערע צייטונגען; עסען אויף דער מאניער פון א וואל-פיש.

scoo'per *n.* (סקוה'-פער) א שויפלער; אן אויסשעפער; אזא רונדער אויסגעהוילטער דלאט וואס ווערט בענוצט ביים גראווירען אויף האלץ; אזא פויגעל מיט א שויפעל-עהנליכען שנאבעל.

scoo'ping *n.* (סקוה'-פינג) אויסשעפונג; דאס אויסשעפען; דער אופן ווי א וואלפיש עסט.

scoop'-net *n.* (סקוהפ'-נעט) א נעץ מיט וועלכען מען רייניגט דעם גרונט פון א טייך; א קליינער האנד-נעץ צום כאפען פיש.

scoop out (סקוהפ אוט) אויסלעדיגען, אויסשעפען; אויסהוילען, אויסגראבען.

scoop'-wheel *n.* (סקוהפ'-הוויעל) אזא ראד ארומגעהאנגען מיט עמערס אדער שויפלען צו שעפען וואסער.

scoot *v. and n.* (סקוהט) שנעל לויפען; פליהען ווי א פייל פון בויגען; עטוואס טרייבען אדער שיקען מיט א גרויסער שנעלקייט; א שנעלע פלעצליכע בעוועגונג, א פליה, א יאג; איינער אדער עטוואס וואס לויפט שנעל.

scoo'ter *n.* (סקוה'-טער) איינער אדער עטוואס וואס לויפט שנעל.

scope *n.* (סקאופ) רוים; פלאץ; אומפאנג; גרויס, לענג, אויסדעהנונג; א געזיכטס-פונקט; אן אבזיכט, א ציעל, אן ענד-ציעל.

scope'less *a.* (סקאופ'-לעס) צוועקלאז, נוצלאז.

scopif'erous *a.* (סקא-פיפ'-ע-ראס) בארשטיג, ווי א בארשט, ווי א בעזים.

sco'piform *a.* (סקאו'-פי-פארם) בעזים-פערמיג, ווי א בעזים, ווי א בארשט.

scorbu'tic *a. and n.* (סקאר-ביו'-טיק) קראנק אויף סקארבוט, וואס ליידט פון סקארבוט [ז. *scurvy*]; פארכוואטע, פארשיווע; א פערזאן וואס איז קראנק אויף סקארבוט.

scorbu'tically *adv.* (סקאר-ביו'-טי-קעל-אי) מיט סקארבוט, ליידענדיג פון סקארבוט. ז. *scurvy*

scorch *v.* (סקאהרטש) 1. פערסמאליען; פערברענען; אבברענען [ווי פון דער זון]; צוטריקענט ווערען, צוברענט ווערען; אויסדארען; 2. שטעכענד [מיט א ווארט]; 3. זיך בעוועגען אדער געטריבען ווערען מיט א גרויסער שנעלקייט.
3. The bicycle rider scorched through the city.

scorched *a.* (סקאהרטשט) פערברענט, פערסמאליעט.

scor'cher *n.* (סקאהר'-טשער) א ברענענדער, עטוואס וואס ברענט אדער איז זעהר היים; עטוואס ברענענדעס אדער העפטיגעס; איינער אדער עטוואס וואס בעוועגט זיך אדער טרייבט אן מיט א גרויסער שנעלקייט.

scor'ching *a. and n.* (סקאהר'-טשינג) 1. סמאליענד, זעהר היים; 2. סארקאסטיש, בייסענד, שטעכענד; 3. דאס אויסשלייפען געציינג אויף א טרוקענעם שלייפשטיין פאר דעם פערהארטעווען.
1. The day was one of the most scorching of this summer. 2. He made a scorching remark.

scor'chingly *adv.* (סקאהר'-טשינג-לי) פערסמאליענדיג, פערברענענדיג.

scor'chingness *n.* (סקאהר'-טשינג-נעס) די אייגענשאפט צו פערברענען אדער פערסמאליען.

scor'dium *n.* (סקאהר'-די-אם) דער וואסער-גאמאנדער [אזא וואסער-פלאנצע וואס שמעקט ווי קנאבעל].

score *n. and v.* (סקאור) א קארב, אן איינשניט; א שטריך, א ליניע, א פאסיק; א קארב אויף א קארב-שטעקעל [בירקא], א צייכען אדער פאסיק וואס ווערט געמאכט צוליעב א חשבון; א חשבון וואס ווערט געפיהרט דורך קארבען אדער שטריכלעך; א חשבון, א רעכנונג; א שולדען-רעכנונג; א חוב; די צייכענס אדער פאסיקעס וואס ווערען געמאכט אין א שפיעל צו פערצייכענען די צאהל פונקטען וואס יעדער געווינט; אן אורזאך, א גרונד, א מאטיוו; א געדרוקטע אדער געשריבענע מוזיק-קאמפאזיציע וואו מעהרערע שטימען אדער אינסטרומענטען זיינען פעראייניגט; די צאהל 20; מאכען קארבען, איינקארבען, איינשניידען; מאכען שטרייפען, שטריכען אדער פאסיקעס; שמייסען אז שטרייפען זאלען בלייבען; שטארק בעשטראפען; שטרייכען; פערצייכענען, נאטירען; שטעלען אויף'ן חשבון; געווינען פונקטען אין א שפיעל; אבשרייבען אדער איבערשרייבען א מוזיק-שטיק פון נעהער; אויסשרייבען די איינצעלנע שטימען פון א מוזיק-שטיק; האלטען דעם חשבון; זיין א קויפער אויף קרעדיט.

score a success' (סקאור ע סאק-סעס') געווינען א זיעג, פערצייכענען אן ערפאלג.

score'-book *n.* (סקאור'-בוק) א בוך וואו עס ווערען פערשריבען די געוואונענע פונקטען פון א שפיעל.

score'-card *n.* (סקאור'-קארד) א קארטע צו פערשרייבען די געווינסען ביי פערשיעדענע באל-שפיעלען.

score out (סקאור אוט) אויסשטרייכען.

scor'er *n.* (סקאור'-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט קארבען אדער איינשניטע; אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען שניידט איין נומערען אין וואלד-בוימער; איינער וואס פערצייכענט די געוואונענע פונקטען ביי א שפיעל.

score'-sheet *n.* (סקאור'-שיעט) א בלאט

פאפיער אויף וועלכען עס ווערען פערשריבען די געוואונענע פונקטען פון א שפיעל.

score un'der (סקאור אנ'-דער) אונטערשטרייכען.

score up (סקאור אפ) צו־אנשרייבען; צושרייבען צום חשבון, מאכען גרעסער דעם חשבון.

sco'ria *n.* (סקאו'-רי-א) פסלת, שלאקען, אבפאל; די לאווא־פסלת וואס ווערט ארויסגעווארפען פון א וואולקאן.

scoria'ceous *a.* (סקאו-רי-איי'-שיאס) פסלת'דיג; עהנליך צו לאווא־פסלת.

sco'riæ *n.* (סקאו'-רי-אי) די מאסען לאווא־פסלת וואס ווערען ארויסגעווארפען פון א וואולקאן.

scorifica'tion *n.* (סקאו-רי-פי-קיי'-שאן) די מעטאדע אבצוטיילען גאלד אדער זילבער פון ערץ אדער פסלת, שמעלצענדיג עס מיט בליי; די בעארבייטונג און רייניגונג פון מעטאלען פון פסלת דורך בליי.

sco'rifier *n.* (סקאו'-רי-פאי-ער) א כלי אדער אפאראט צום אבטיילען גאלד אדער זילבער פון פסלת. ז. *scorification*

sco'riform *a.* (סקאו'-רי-פארם) ווי פסלת.

sco'rify *v.* (סקאו'-רי-פאי) פערוואנדלען אין פסלת; אבטיילען גאלד אדער זילבער פון ערץ אדער פסלת דורך שמעלצען עס מיט בליי.

scor'ing *n.* (סקאור'-אינג) א שטריך, א קריץ; דאס איינארדנען אן ארקעסטער; דאס אויסשרייבען די נאטען פאר די איינצעלנע שטימען פאר אן ארקעסטער; דאס פלאצען אדער שפאלטען זיך פון א שטיק גוס־אייזען דורך אונגלייכפערמיגער אבקיהלונג; אין וועט־רייטען — דאס ברייננגען דאס פערד מיט דעם רייטער ווידער און ווידער צוריק צו דעם אנפאנגספונקט.

sco'rious *a.* (סקאו'-רי-אס) אונריין, פסלת'דיג.

sco'rium *n.* (סקאו'-רי-אם) ז. *scoria*

scorn *v. and n.* (סקאהרן) 1. פעראכטען; פערשפאטען; אויסדריקען פעראכטונג אדער שפאט; 2. זיך בעציהען מיט פעראכטונג אדער שפאט; 3. פעראכטונג; שפאט; 4. איינער אדער עטוואס וואס ווערט פעראכטעט אדער פערשפאט.

1. He was scorned by those who heard his address. 2. We scorn compromises. 3. The terms of settlement were rejected with scorn by the strikers.

scor'ner *n.* (סקאהר'-נער) א פעראכטער; א פערשפאטער.

scorn'ful *a.* (סקאהרנ'-פול) פערעכטליך; פול מיט שפאט אדער פעראכטונג; וואס רופט ארויס שפאט אדער פעראכטונג.

scorn'fully *adv.* (סקאהרנ'-פול-אי) מיט פעראכטונג, מיט שפאט.

scorn'fulness *n.* (סקאהרנ'-פול-נעס) דאס זיין פערעכטליך, דאס זיין פערשפאטעט.

scor'ning *n.* (סקאהר'-נינג) שפאט, פעראכטונג.

scor'odite *n.* (סקאר'-א-דאיט) סקאראדיט אדער ארזעניק־זויערעס אייזען־אקסיד [אזא מינעראל].

scor'per *n.* (סקאהר'-פער) אזא דלאטפערמיגעס געצייג.

Scor'pio *n.* (סקאהר'-פי-או) דער מזל עקרב, דאס שטערן־בילד סקארפיאן.

scor'pion *n.* (סקאהר'-פי-אן) א סקארפיאן, אן עקדעש; א בעשעפעניש וואס איז עהנליך צו א סקארפיאן; א שטעכעדיגע רוט צום שמייסען.


Scorpion

Scor'pion *n.* (סקאהר'-פי-אן) ז. *Scorpio*

scor'pion-fly *n.* (סקאהר'-פי-אנ-פלאי) די סקארפיאן־פליעג [אזא פליעג וואס האט עהנליכקייט צו א סקארפיאן].

scor'pion-grass *n.* (סקאהר'-פי-אנ-גרעס) סקארפיאן־גראז אדער מויז־אויער [אזא גראז וועגען וועלכען מען האט געגלויבט אז מען קען דערמיט היילען דעם גיפטיגען שטאך פון א סקארפיאן].

scor'tatory *a.* (סקאהר'-טע-טא-רי) תאוה'דיג, הורעריש.

scot *n. and v.* (סקאט) א צאהלונג; א געלד־שטראף; א שטייער; א רעכנונג; צאהלען שטייער; צאהלען א רעכנונג.

Scot *n.* (סקאט) א שאטלענדער.

Scotch *a. and n.* (סקאטש) שאטיש, שאטלענדיש; א שאטלענדער; דאס שאטלענדישע פאלק; די שאטלענדישע שפראך; שאטלענדישער בראנפען.

scotch *v. and n.* (סקאטש) איינקריצען, איינקארבען; א קראץ טהאן; מאכען א לייכטע וואונד; אבהאלטען, איינהאלטען אוועקלעגענדיג א שטערונג [ווי א שטיין אונטער א ראד]; ארא בלאזען די ברעמזע [טארמאז] אויף א ראד עם איינצוהאלטען; א קראץ, א ריץ, א לייכטער איינשניט; א קלעצעל וואס ווערט אונטערגעלעגט אונטער א ראד עם צו פערהאלטען.

Scotch'man *n.* (סקאטש'-מען) א שאטלענדער.

scote *v.* (סקאוט) אבהאלטען, פערהאלטען אוועקלעגענדיג א שטערונג [ווי א שטיין אדער קלעצעל אונטער א ראד].

sco'ter *n.* (סקאו'-טער) די טרויער־ענטעל [אזא שווארצע ים־ענטעל].

sco'ter-duck *n.* (סקאו'-טער-דאק) ז. *scoter*

scot'-free *a.* (סקאט'-פריע) פריי פון שטייער; אהן געצאהלט; אונבעשטראפט; פריי, גאנץ, זיכער, אונבעשעדיגט.

sco'tia *n.* (סקאו'-טי-א) אין ארכיטעקטור — א קאנקאווער געזימס אויף דעם פוס פון א זייל.

Scot'icè *adv.* (סקאט'-אי-סי) אויף'ן שאטלענדישען אופן; אין דער שאטלענדישער שפראך.

Scot'icism *n.* (סקאט'-אי-סיזם) ז. *Scotticism*

Scot'icize *v.* (סקאט'-אי-סאיז) ז. *Scotticize*

Sco'tism *n.* (סקאו'-טיזם) דאס סכאלאסטישע אדער מעטאפיזישע פילאזאפישע סיסטעם פון דעם שאטלענדישען פילאזאף דזשאהן סקאטוס [געבארען אין יאהר 1308].

Sco'tist *n.* (סקאו'-טיסט) א נאכפאלגער פון דעם שאטלענדישען פילאזאף דזשאהן סקאטוס.

Scotis'tic *a.* (סקא-טיס'-טיק) וואס איז שייך צו די נאכפאלגער פון דעם שאטלענדישען פילאזאף סקאטוס.

Scot'ize *v.* (סקאט'-איז) נאכאהמען אדער נאכטהאן די שאטלענדער.

Scot'land *n.* (סקאט'-לענד) שאטלאנד.

scot'ograph *n.* (סקאט'-א-גרעף) אן אינסטרומענט צו שרייבען אין דער פינסטער אדער פאר דעם געברויך צו שרייבען פאר בלינדע.

scot'omy *n.* (סקאט'-א-מי) דאס שווינדלען און דונקעל ווערען פאר די אויגען [א געוויסער אויגען־פעהלער].

scot'oscope *n.* (סקאט'-א-סקאופ) א נאכט־גלאז, אן אפטישער אינסטרומענט וואס פלעגט אמאל געברויכט ווערען צו קוקען אין דער פינסטער.

Scots *a. and n.* (סקאטס) שאטלענדיש; דער שאטלענדישער דיאלעקט, די שאטלענדישע שפראך.

Scots'man *n.* (סקאטס'-מען) א שאטלענדער.

Scot'ticism *n.* (סקאט'-אי-סיזם) די אייגענטימליכקייטען פון דער שאטלענדישער שפראך.

Scot'ticize *v.* (סקאט'-אי-סאיז) מאכען שאטלענדיש, פערוואנדלען אין א שאטלענדער.

Scot'tify *v.* (סקאט'-אי-פאי) ז. *Scotticize*

Scot'tish *a.* (סקאט'-איש) שאטלענדיש.

scoun'drel *n. and a.* (סקאונ'-דרעל) א שורקע, א שופט, א ליידאק; א פרינציפענלאזער מענש; געמיין, נידריג, שופטיג.

scoun'dreldom *n.* (סקאונ'-דרעל-דאם) ז. *scoundrelism*

scoun'drelism *n.* (סקאונ'-דרעל-איזם) נידערטרעכטיגקייט, געמיינהייט, שורקעריי, לומפעריי.

scoun'drelly *a.* (סקאונ'-דרעל-אי) לומפיג, געמיין; ווי א שורקע אדער שופט.

scour *v. and n.* (סקאור) שייערען, רייניגען; אברייניגען; אויסרייניגען; אברייבען, אבוואשען, אבשווענקען; אוועקראמען, אוועק'פטר'ען; אבפיהרען, אברייניגען דעם מאגען, נעהמען א שטארקען אבפיהרונגס־מיטעל; האבען א לויזען מאגען, לויפען; שנעל לויפען; דורכלויפען [מיט'ן צוועק עפעס אבצוראמען אדער עפעס אויסצוגעפינען]; דאס שווענקען, דאס שנעלע שטארקע פליסען [פון וואסער אין א שמאלען דורכגאנג]; דאס אבשווענקען דעם דעק פון א טייך אדער קאנאל דורך'ן וואסער־שטראם; דאס אבשארען זאמד [דורך'ן ווינד]; די פון ווינד צונויפגעשארטע זאמד; שטארקע לאקסירונג ביי פיה; מאטעריאל צום רייניגען וואל.

scour'age *n.* (סקאור'-עדזש) שווענק־וואסער [דאס וואסער מיט וועלכען מען האט עפעס אבגערייניגט אדער דורכגעשווענקט].

scour'-and-fill' *n.* (סקאור'-ענד-פיל') דאס ארא בשארען אדער ארא בשווענקען זאמד, שטיינדלעך א. ז. וו. דורך א לופט־שטראם אדער וואסער־שטראם.

scour'er *n.* (סקאור'-ער) איינער אדער עטוואס וואס רייניגט, שייערט אדער רייבט אב; אזא רייניגונגס־מאשין פאר תבואה [די קערנער ווערען גערייניגט דורך רייבונג]; א שטארקעס אבפיהרונגס־מיטעל.

scourge *n. and v.* (סקוירדזש) א בייטש; א שטראף; עטוואס וואס דיענט אלס שטראף אדער אלס מיטעל צו פעראורזאכען ליידען; איינער וואס טהוט אן פיעל צרות; שמייסען; בעשטראפען; מאטערען, פייניגען.

scour'ger *n.* (סקויר'-דזשער) א שמייסער; א בעשטראפער; איינער וואס פייניגט זיך דורך שמייסען; א מיטגליעד פון

אז אמאליגער געוויסער סעקטע, וואס פלעגט זיך עפענטליך שמייסן אלס אבקומעניש. ז. *flagellant*.

scour'ing *n.* (סקאור'–אינג) שייערונג, רייניגונג, פוצונג; דאס אויסוואשען; דאס אויסקאכען [אום ארויסצונעהמען פלעקען].

scour'ing-ball *n.* (סקאור'–אינג–באהל) א רונד שטיקעל פלעק־זייף [ארויסצונעהמען פלעקען].

scour'ing-bar'rel *n.* (סקאור'–אינג–בער'–על) א שייער־פעסעל [אזא מאשין צו שייערען מעטאלענע זאכען דורך רייבונג].

scour'ing-ba'sin *n.* (סקאור'–אינג–ביי'סן) א רעזערוואואר ביי א קאנאל, אין וועלכען עס ווערט קינסטליך אנגעזאמעלט וואסער, אום דערמיט אויסצורייניגען דעם קאנאל.

scour'ing-drops *n.* (סקאור'–אינג–דראפס) פלעק־טראפען [אזא פליסיגקייט ארויסצונעהמען פלעקען].

scour'ing-machine' *n.* (סקאור'–אינג–מע–שין') א מאשין צו רייניגען וואלענע שטאפען.

scour'ing-stock *n.* (סקאור'–אינג–סטאק) אזא אפאראט צו רייניגען וואלענע שטאפען.

scour'ing-ta'ble *n.* (סקאור'–אינג–טיי'בל) אזא משופע'דיגער טיש צום רייניגען לעדער.

scours *n.* (סקאורז) [ביי לאקסירונג בהמות].

scout *n. and v.* (סקאוט) אן אויסזעהער, אן אויסקוקער; איינער וואס ווערט ארויסגעשיקט עפעס אויסצוגעפינען [הויפטזעכליך וועגען א פיינדליכער ארמעע]; א פעלד־וואך; אויסזעהונג; אויסקוקונג, אויסשפיאנירונג; אן אוניווערזיטעטס־דינער [אין די הארוואדער און אקספארדער אוניווערזיטעטען אין ענגלאנד]; דער ענגלישער פאפוגאי־טויכער, די קאארא אדער לומע [אזעלכע פויגלען]. ז. *guillemot* און *auk*; אין קריקעט־שפיעל — דער שפיעלער וואס דארף כאפען דעם באל; אויסזעהן, אויסקוקען [הויפטזעכליך די בעוועגונגען פון א פיינדליכער ארמעע]; אבשפאטען; בעהאנדלען מיט פעראכטונג אדער גרינגשעצונג; צוריקווייזען מיט פעראכטונג אדער גרינגשעצונג.

scout'ingly *adv.* (סקאוט'–אינג–לי) מיט שפאט.

scout'-mas'ter *n.* (סקאוט'–מעס'–טער) א מיליטערישער בעאמטער, וואס האט די אויפזיכט איבער דער פעלד־וואך און איבער די אויסזעהער. ז. *scout*.

scout'y-au'lin *n.* (סקאוט'–אי–אה'–לין) די מעווע [אזא פויגעל] פון די פאלארגעגענדען. ז. *gull*.

scove *v.* (סקאווו) פערשמירען מיט ליים [אן אויוועז] כדי די היץ זאל ניט ארויס.

scov'el *n.* (סקאוול) אן אויווען־בעזים.

scow *n. and v.* (סקאו) א פראהם [ז. *pram*]; א מין פלאכע שיף; איבערפיהרען מיט א פראהם.

scow'-house *n.* (סקאו'–האוס) א פראהם מיט א הויז אויף איהר.

scowl *v. and n.* (סקאול) זיך אנכמורען; אננעהמען א בייזען אדער דראהענדען אויסזעהן; אננעהמען א מיענע פון אונצופרידענהייט; ווירקונג דורך אנגעכמורעטקייט אדער דורך א בייזען אויסזעהן; דאס אנכמורען זיך; א כמורנע, בייזע, אונצופרידענע מיענע, א פינסטערער בליק.

scowl'ingly *adv.* (סקאול'–אינג–לי) אנגעכמורעטערהייד, מיט א בייזען, פינסטערען בליק, מיט א דראהענדער מיענע.

scrab *v. and n.* (סקרעב) קראצען, שאבען; א ווילדער עפעל [ז. *crab-apple*].

scrabbed eggs (סקרעבד עגז) געהאקטע, אבגעקאכטע אייער, צוגעריכט מיט פוטער, זאלץ און פעפער.

scrab'ble *v. and n.* (סקרעבל) קריכען אויף אלע פיער; קראצען, שארען; צונויפשארען, צונויפזאמלען; זיך רייסען, זיך שלאגען [איבער עפעס]; קריצלען, פאטשקען, שמירען, שלעכט שרייבען; דאס קריכען אויף אלע פיער; א רייסעריי.

scrab'le *v. and n.* (סקרעבל) ז. *scrabble*.

scrag *n., a. and v.* (סקרעג) עטוואס וואס איז דין; עטוואס וואס איז ניט גלאט, ניט גלייך, שארסטקע אדער בערגעלדיג; א מאגערער מענש; א רעשטעל, אן איבערגעבליבענער טייל; דער האלז אדער א שטיק האלז פון א געקויילעטער קוה, אקס אדער שאף; א וואלפיש אהן פלוס־פעדערען; בערגעלדיג, ניט גלייך [ווענען דעם רוקען פון וואלפיש, וואס האבען ניט קיין פלוס־פעדערען]; הייננען.

scrag'ged *a.* (סקרעג'–עד) ז. *scraggy*.

scrag'gedness *n.* (סקרעג'–עד–נעס) מאגערקייט, דארקייט; דינקייט; שארסטיגקייט, בערגעלדיגקייט.

scrag'gily *adv.* (סקרעג'–אי–לי) מאגער, דאר, דין; ניט גלאט, ניט גלייך, שארסטיג, בערגעלדיג.

scrag'giness *n.* (סקרעג'–אי–נעס) ז. *scraggedness*.

scrag'gly *a.* (סקרעג'–לי) ניט גלאט, ניט גלייך, בערגעלדיג.

scrag'gy *a.* (סקרעג'–אי) מאגער, דאר; דין; ניט גלאט, שארסטקע, ניט גלייך, בערגעלדיג.

scrag'-necked *a.* (סקרעג'–נעקט) וואס האט א דינעם און ניט גלייכען [בערגעלדיגען] האלז.

scrag'-whale *n.* (סקרעג'–הוויהל) א וואלפיש וואס האט ניט קיין פלוס־פעדערען אויף'ן רוקען [נאר דער רוקען איז ניט גלייך אדער בערגעלדיג].

scram'ble *v. and n.* (סקרעמבל) 1. קריכען; קלעטערען; זיך קאראבקען, זיך בעמיהען מיט מיה; 2. כאפען, זיך שלאגען, זיך רייסען [איבער עפעס]; 3. ווארפען עפעס, מען זאל זיך רייסען אדער שלאגען איבער דעם; 4. ווי עס איז צונויפקלאפען אדער צורעכט מאכען; פושען, טהאן ווי עס איז; 5. צונויפמישען און אבקאכען צוזאמען; א קלעטערען, א מיהזאמער גאנג [מיט שטערונגען]; א רייסעריי, א כאפעריי.

1. The boys **scrambled** through the fence. 2. He had to **scramble** for a living. 3. He **scrambled** money into the crowd. 4. **Scrambling** up her hair, she hurried to meet the visitor.

scram'bler *n.* (סקרעמ'–בלער) איינער וואס קריכט אדער קלעטערט; איינער וואס קאראבקעט זיך; איינער וואס שלאגט זיך צו עפעס צו מיט מיה, איינער וואס רייסט זיך אדער שלאגט זיך פאר עפעס.

scram'bling *a.* (סקרעמ'–בלינג) 1. נעדרעהט, פערפלאנטערט; 2. אונרעגעלמעסיג.

1. We roamed in the **scrambling** streets. 2. He leads a **scrambling** sort of existence.

scram'blingly *adv.* (סקרעמ'–בלינג–לי) אין אונארדנונג; פערדרעהט, פערפלאנטערט; אונרעגעלמעסיג.

scran *n.* (סקרען) שפייז.

scranch *v.* (סקרענטש) גריזשען.

scran'nel *a. and n.* (סקרענ'–על) דין, מאגער, דאר; א מאגערער, דארער מענש.

scran'ning *n.* (סקרענ'–אינג) דאס בעטלען שפייז.

scran'ny *a.* (סקרענ'–אי) ז. *scrawny*.

scrap *n. and v.* (סקרעפ) א שטיק, א שטיקעל, א ברעקעל; א רעשטעל, אבפאל; א טייל, א פראגמענט, אן אויסצוג [פון א שריפט]; אן אויסשנים [פון א בוך אדער צייטונג]; א בילד צום איינקלעפען; שטיקלעך אייזען און שטאהל וואס פאלען אב ביי דער פאבריקאציאן פון מאשינען, געציינ, כלים א. ד. ג.; א געשלעג, א צוזאמענשטוים; אבלעגען אלס אבפאל [ווענען אבגענוצטע שטיקער אייזען]; פערוואנדלען אין אבפאל [ווי פיש, פון וועלכע מען קוועטשט אוים דאס אויל].

scrap'-book *n.* (סקרעפ'–בוק) אן אלבום, אן איינקלעפ־בוך [א בוך אין וועלכען עס ווערען אריינגעקלעפט פערשיעדענע אויסשניטע פון ביכער אדער צייטונגען און בילדער].

scrap'-cake *n.* (סקרעפ'–קייק) א קויפען פיש־אבפאל [פון פיש, פון וועלכע מען האט אויסגעקוועטשט דאס אויל].

scrap com'pany (סקרעפ קאמ'–פע–ני) א געמישטע געזעלשאפט.

scrape *v. and n.* (סקרייפ) שקראבען, שאבען, גראבלען, קראצען; אראבקראצען; שארען; אראבשארען; צוזאמענשארען, צוזאמענקראצען; צוזאמענקלייבען; א שאר טהאן מיט'ן פוס ביים פערנייגען זיך; סקריפען; שפארען; דאס קראצען; דאס סקריפען; א שווערע לאגע, א פערלעגענהייט [צוליעב איינעמס אונפארזיכטיגקייט אדער אונאיבערלעגטקייט]; ראזירונג, גאלונג; א בילד צום איינקלעפען אין א בוך אדער אלבום.

scrape acquaint'ance (סקרייפ ע–קהוויינט'–ענס) אריינקריכען אין בעקאנטשאפט, מיט מיה און מיט הינטער־וועגען פערבינדען בעקאנטשאפט.

scrape'-good *a.* (סקרייפ'–גוד) קארג, גייציג.

scrape'-pen'ny *n.* (סקרייפ'–פענ'–אי) א קארגער, א קמצן.

scrap'er *n.* (סקרייפ'–ער) אן אינסטרומענט צום שאבען אדער אבקראצען; א שאב־אייזען, א קראץ־אייזען; א שוך־אבקראצער [אן אייזענדעל ביי א הויז־אריינגאנג אבצוקראצען די בלאטע פון שיך]; א שאבער; א סקריפער, א פידלער; א קארגער, א קמצן.

scrap'-forg'ing *n.* (סקרעפ'–פאורדזש'–אינג) אן אייזען־שטאנג וואס איז אויסגעשמידט פון אלטע שטיקער אייזען.

scrap'-heap *n.* (סקרעפ'–היעפ) א פלאץ, ביי אן אייזענבאהן, וואו מען ווארפט אב אבגענוצטע שטיקער אייזען אדער מאשינען־טיילען.

scrap'-house *n.* (סקרעפ'–האוס) א פלאץ, וואו מען קוועטשט אוים אויל פון פיש.

scrap'ing *n.* (סקרייפ'–אינג) דאס אבקראצען; דאס אבשקראבען; דאס אבשארען; דאס אבגעקראצטע, אבגעשארטע אדער אבגעשקראבעטע.

scrap'ing acquaint'ance (סקרייפ'–אינג ע–קהווינט'–ענס) א ווייטע בעקאנטשאפט, א בעקאנטשאפט וואס געהט ניט ווייטער פון בעגריסען זיך.

scrap'ingly *adv.* (סקרייפ'–אינג–לי) קראצענדיג, שארענדיג, שקראבענדיג; סקריפענדיג.

scrap'ings *n.* (סקרייפ'–אינגז) דאס צו־

נויפגעשארטע, אבגעקראצטע אדער אבגע־
שאבענע; דאס אבגעשפארטע, דאס אבגע־
קארגטע.
scrap'-i'ron *n.* (סקרעפ'-אי'-ערן) אל־
טעס, אבגענוצטעס אייזען.
scrap'-met'al *n.* (סקרעפ'-מעט'-על)
שטיקלעך מעטאל־אבפאל.
scrap'pily *adv.* (סקרעפ'-אי-לי) שטיק־
לעכווייז, אין שטיקלעך, בעשטעהענד פון
בעזונדערע שטיקער, אהן צוזאמענהאנג.
He is a narrow-minded, scrappily educated man.
scrap'piness *n.* (סקרעפ'-אי-נעס) דאס
זיין צובראכען, דאס בעשטעהן פון בע־
זונדערע שטיקלעך, אהן צוזאמענהאנג.
scrap'py *a.* (סקרעפ'-אי) וואס בעשטעהט
פון שטיקלעך אדער בעזונדערע טיילען
אהן א צוזאמענהאנג; קריגעריש, וואס
רייסט זיך צו א געשלעג.
scraps *n.* (סקרעפס) גריבענעס, גריוואן.
scratch *v., n. and a.* (סקרעטש) קרא־
צען, גראבלען, צוקראצען, מאכען ריצען;
קריצלען, שמירען, שרייבען שלעכט; אב־
קראצען, אויסמעקען; אויסמעקען פון דער
ליסטע דעם נאמען פון א פערד, וואס
האט געזאלט נעהמען אנטייל אין א וועט־
לויף; אויסמעקען ביים שטימען א קאנ־
דידאט'ס נאמען אויף א וואהל־צעטעל;
צוריקווייזען א וואהל־קאנדידאט; אין בי־
ליארד־שפיעל — מאכען אן ערפאלגרייכען
גאנג, אבער ניט אין דער געפלאנטער ריכ־
טונג; א קראץ, א ריץ, א שראם; א לי־
ניע צו בעצייכענען דעם פלאץ וואו צוויי
געגנער בעגעגענען זיך [ווי למשל אין
פויסט־קאמפף]; דער פונקט וואו א קאמפף
אדער שפיעל פאנגט זיך אן; די צייט,
ווען עס הויבט זיך אן א קאמפף אדער
שפיעל; אן אנטייל־נעהמער אין א וועט־
קאמפף אדער שפיעל [ווען עס ווערען
ניט געמאכט קיין ספעציעלע בעשטימונגען
פאר איינעם פון די צדדים]; אין בי־
ליארד־שפיעל — אן ערפאלגרייכער גאנג,
אבער ניט אין דער געפלאנטער ריכטונג;
א טייפעל; אזא פארוק, וואס דעקט צו
בלויז א טייל פון קאפ; קאלך אדער ערד
וואס טיילט זיך אויס פון ים־וואסער ביים
אויסקאכען זאלץ; שלעכטע שריפט, קא־
טשערעס מיט לאפעטעס, שמירעריי; צו־
נויפגעקראצט, צוזאמענגענומען אדער צו־
זאמענגעשטעפט אהן אויסוואהל; וואס
קומט פאר אויף גליכע בעדינגונגען פאר
אלע אנטייל־נעהמער [ווענען א וועט־לויף
אדער וועט־קאמפף]; אויסגעמעקט פון א
ליסטע.
scratch along' (סקרעטש ע-לאהנג')
ווי עס איז דורכקריכען אדער דורכקומען.
scratch'-back *n.* (סקרעטש'-בעק) א
רוקען־קראצער [אזא מעסער פון ביין
אדער האלץ זיך צו קראצען דעם רוקען].
scratch'-brush *n. and v.* (סקרעטש'-
בראש) א קראַץ־בארשט [פון דראט];
בערשטען אדער רייניגען מיט א קראַץ־
בארשט.
scratch'-coat *n.* (סקרעטש'-קאוט) דער
ערשטער פלאסטער־שיכט, די ערשטע טינ־
קעוואניע.
scratch'-cra'dle *n.* (סקרעטש'-קריי'-דל)
אראבגעהמעניש, בעטעל אדער עטעל־בעטעל
[אזא קינדער־שפיעל].
ז. *cat's-cradle*
scratch'er *n.* (סקרעטש'-ער) איינער
אדער עטוואס וואס קראצט; א קראצער;
א קראַץ־אייזען; א שאב־אייזען; א קראַץ־
בארשט [פון דראט]; איינער וואס מעקט
אויס ביים שטימען א קאנדידאט'ס נאמען
פון דעם וואהל־צעטעל; א טאג־בוך [אין
בוכפיהרונג].



Scratcher

scratch'es *n.* (סקרעטש'-עז) קרעציגקייט
אויף די אונטערשטע טיילען פון א פערד'ס
פוס.
scratch'-fig'ure *n.* (סקרעטש'-פיג'-יור)
אן אויסגעשטראכענע ציפער.
scratch'-fin'ish *n.* (סקרעטש'-פינ'-
איש) ארנאמענטען אויף מעטאל פון ניט
טיפע איינשניטע.
scratch'-grass *n.* (סקרעטש'-גרעס)
קלעפ־קרויט [אזא קלעפיגע פלאנצע].
ז. *goose-grass*
scratch'-man *n.* (סקרעטש'-מען) אן
אנטייל־נעהמער אין א פויסט־קאמפף.
scratch out (סקרעטש אוט) אויסקרא־
צען, אויסשטרייכען, אויסמעקען.
scratch'-pan *n.* (סקרעטש'-פען) א כלי
פאר דעם קאלך אדער ערד־אבזאץ, וואס
בלייבט ביים אויסקאכען זאלץ פון זאלץ־
וואסער.
scratch'-race *n.* (סקרעטש'-רייס) א
וועט־לויף אהן ספעציעלע בעשרענקונגען
אדער פריווילעגיעס פאר איינעם פון די
אנטייל־נעהמער.
scratch'weed *n.* (סקרעטש'-הוויד)
קלעפ־קרויט [אזא קלעפיגע פלאנצע].
ז. *goose-grass*
scratch'-wig *n.* (סקרעטש'-הוויג) א
פארוק וואס פערדעקט נור א טייל פון קאפ.
scratch'-work *n.* (סקרעטש'-הוואירק)
גראפיטא־מאהלעריי [א מין מאהלעריי
אויף ווענד, וואס בעשטעהט אין דעם, וואס
דער אויבערשטער ווייסער שיכט ווערט
דורכגעשטאכען אין פערשידענע אוזארען
אזוי אז עס זעהט זיך ארויס דער קאליר־
טער הינטערגרונד].
scratch'y *a.* (סקרעטש'-אי) צוקראצט;
ניט גלאט, שארטקע; בערגעלדיג, גוזע־
וואטע; אונרעגעלמעסיג; קראצענדיג, סקרי־
פענדיג; וואס טראגט א פארוק, וועלכער
דעקט צו בלויז א טייל פון קאפ; בלויז
עטוואס בעדעקט מיט ערד, וואס בעשטעהט
פון פעלזען, וועלכע זיינען בלויז עטוואס
בעדעקט מיט ערד [ווענגען אן ערד־בא־
דען].
scrawl *v. and n.* (סקראהל) קריצלען,
שלעכט שרייבען, מאכען קאטשערעס מיט
לאפעטעס, שמירען, פאטשקען; א געקרי־
צעל, שמירעריי, פאטשקעריי, קאטשערעס־
און־לאפעטעס־שריפט.
scrawl'er *n.* (סקראהל'-ער) א שמירער,
איינער וואס שרייבט שלעכט, איינער וואס
שרייבט קאטשערעס מיט לאפעטעס.
scrawl'y *a.* (סקראהל'-אי) געשמירעט,
געפאטשקעט, שלעכט געשריבען.
scraw'niness *n.* (סקראה'-ני-נעס) מא־
גערקייט, ביינערדינקייט.
scraw'ny *a.* (סקראה'-ני) מאגער, ביי־
נערדיג.
scray *n.* (סקריי) די ים־שוואלב.
ז. *sea-swallow*
scraye *n.* (סקריי) ז. *scray*
screak *v. and n.* (סקריעק) סקריפען,
קריצען; קוויטשען; א סקריפ, א קריץ;
א קוויטש.
scream *v. and n.* (סקריעם) שרייען [ווי
פאר וועהטאג, שרעק, פרייד א. ז. וו.];
גרילצענד שרייען; ארויסגעבען שרייענדע
גרילצענדע קלאנגען; א געשריי; א גריל־
צענדער געשריי.
scream'er *n.* (סקריעמ'-ער) איינער וואס
שרייט [מיט א גרילצענדער שטימע];
עטוואס וואס גיט ארויס שרייענדע, גריל־
צענדע קלאנגען; א מין פויגעל; עטוואס
אויסערגעוועהנליכעס [וואס רופט ארויס
געשרייען פון ערשטוינונג און בעוואונדע־
רונג].
scream'ing *a.* (סקריעמ'-אינג) 1. שריי־
ענד [מיט א שניידענדער, גרילצענדער
שטימע]; 2. וואס רופט ארויס געשרייען,
שרייענדע, גרילצענדע געלעכטערס א. ז. וו.
2. The playwright produced a screaming farce.
scree *n.* (סקריע) א הויפען שטיינער.
screech *v. and n.* (סקריעטש) א געשריי
טהאן, א קוויטש טהאן, א גרילץ טהאן;
א געשריי, א קוויטש, א גרילץ.
screech'er *n.* (סקריעטש'-ער) דער אדער
דאס וואס שרייט, קוויטשעט אדער גיט
ארויס קוויטשענדע, גרילצענדע קלאנגען.
screech'-owl *n.* (סקריעטש'-אול) די
קוויטשענדע אייל'ע [סאווא, פילין — אין
געגענזאץ צו די שרייענדע]. ז. *hoot-owl*
screech'y *a.* (סקריעטש'-אי) קוויטשענד,
גרילצענד.
screed *n. and v.* (סקריעד) אן אבגעריי־
סענע שטיק; א לאנגער פאס [פון עפעס];
א לאנגע רעדע; א לינעאל [פאר געזימ־
סען], א ראנד, א קאנט; דאס רייסען,
א ריס; רייסען; מאכען א ווערטער־אויס־
גוס.
screen *n. and v.* (סקריען) א שירם, א
בעשיצונג, א בעט־שירם, א פאראוואן, א
שייד־ווענטעל, שפאנישע ווענטלעך; אן
אויוון־גראטע; אן אבאזשור; אן עקראן
[א ליילעך, אויף וועלכען עס ווערען אב־
געווארפען בעוועגליכע בילדער אדער ביל־
דער פון א צויבער־לאטערנע]; אן ארנא־
מענטאלעס ווענטעל אדער צווישען־שייד
אין א קלויסטער; א זיפ [צום זיפען
תבואות, רויה־מעטאל א. ז. וו.]; א גרא־
טע [צו פערהאלטען פיש א. ז. וו.];
בעשירמען, בעדעקען, בעהאלטען, בעשי־
צען; דורכזיפען.
screen'er *n.* (סקריענ'-ער) איינער וואס
בעשירמט אדער בעשיצט; איינער וואס
פערשטעלט מיט שירמען; איינער וואס
זיפט [ערץ, תבואה, קויהלען א. ז. וו.].
screen'ing-machine' *n.* (סקריענ'-
אינג-מע-שין') א זיפ־אפאראט [פאר ערץ,
קויהלען א. ז. וו.].
screen'ings *n.* (סקריענ'-אינגז) דער אב־
פאל פון איבערגעזיפטע קויהלען, ווייץ
א. ז. וו.
screes *n.* (סקריעז) ז. *scree*
screeve *v.* (סקריעוו) שרייבען, מאהלען,
שרייבען בעטעל־בריעף, מאהלען בילדער
אויף די גאסען־שטיינער [אין דער גנבים־
שפראך].
screev'er *n.* (סקריעוו'-ער) איינער וואס
שרייבט בעטעל־בריעף, איינער וואס מאהלט
בילדער אויף די גאסען־שטיינער [אין דער
גנבים־שפראך].
screev'ing *n.* (סקריעוו'-אינג) בעטלען
דורך בריעף, פעטיציעס א. ז. וו., מאה־
לען בילדער אויף די גאסען־שטיינער [אין
דער גנבים־שפראך].

screw *n. and v.* (סקרוּה) א שרויף, א שרויב, א גווינט; א ספּיראַלע מושעל; א שיפס-שרויב [די שרויב וואס טרייבט א שיף]; א קליין פּעקעל פון צונויפגע-דרעהטען טאַבאַק [אין ענגלאַנד]; אן אומדרעהע פון א שרויף; דאס אומדרעהען זיך צו איין זייט; דרוק, דריקונג; א קאַר-גער יונג; א לעהרער וואס עקזאַמענירט שטרענג די שילער אדער פערלאַנגט, אז זיי זאלען פיעל לערנען; א שלעכט אדער פערמאַרעט פערד, א פאַדלע; שכירות, אַרבייטס-לוין; פערשרויפען; אומדרעהען ווי א שרויף; דריקען, קוועטשען, אַרויס-קוועטשען; שטרענג עקזאַמענירען שילער; פאָדערען פון שילער, זיי זאלען פיעל לערנען.

screw'able *a.* (סקרוּה'-עבל) וואס קען פערשרויפט ווערען.

screw'-bolt *n.* (סקרוּה'-באָולט) א שרויף-באָלצען, א דיקער שטיפט מיט א קעפּעל פון איין זייט און מיט א שרויף פון דער אַנדערער.

screw'-box *n.* (סקרוּה'-באַקס) אן אינ-סטרומענט אויסצושניידען א הילצערנע שרויף.

screw'-bur'ner *n.* (סקרוּה'-בױר'-נער) א לאָמפּ-ברענער מיט א שרויף [אַריינ-צודרעהען און אַרויסצודרעהען דעם קנויט].

screw'-cal'iper *n.* (סקרוּה'-קעל'-אי-פּער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם דיאַמעטער פון רונדע זאַכען, וועלכער ווערט רעגולירט דורך א שרויף. ז. **caliper**.

screw'-clamp *n.* (סקרוּה'-קלעמפּ) א שרויפען-קלאַמער [א קלאַמער, וואס ווערט פערשרויפט מיט א שרויף].

screw'-cut'ter *n.* (סקרוּה'-קאַט'-ער) א געצייג אדער מאַשין אויסצושניידען שרויפען.

screw'-die *n.* (סקרוּה'-דאַי) א געצייג צו שניידען גווינטען אין א שרויף.

screw down the pri'ces (סקרוּה דאַון טהי פּראַי'-סעז) אַרונטערזעצען די פּרייזען.

screw'-dri'ver *n.* (סקרוּה'-דראַי'-ווער) א שרויפען-ציהער [א מין קליינע דלאָט וואס ווערט בענוצט אַריינצודרעהען און אַרויסצודרעהען שרויפען].

screwed *a.* (סקרוּהד) בעטרונקען, אנגע-זויפען, שכור; צוגעשרויפט, פערשרויפט.

screw'er *n.* (סקרוּה'-ער) איינער אדער עטוואס וואס שרויפט.

screw'-gage *n.* (סקרוּה'-גײדזש) א פּאַר-ריכטונג אויסצומעסטען דעם דיאַמעטער און די ריכטיגקייט פון א גווינט אַרום א שרויף.

screw in (סקרוּה אין) אַריינשרויפען, איינשרויפען, צונויפשרויפען.

screw'ing *a.* (סקרוּה'-אינג) פּינקטליך; אויסגערעכענט, פּאָרזיכטיג, עקאָנאָמיש.

screw'ing-machine' *n.* (סקרוּה'-אינג-מע-שין') א מאַשין איינצושניידען גווינטען [אין א שרויף].

screw'-jack *n.* (סקרוּה'-דזשעק) א גע-צייג וואס ווערט בענוצט פון דענטיסטען אויסצוגלייכען ציינער, וועלכע וואַקסען קרום.

screw'-key *n.* (סקרוּה'-קיע) א שרויפען-שליסעל [אַריינצודרעהען אדער אַרויסצודרעהען שרויפען].

screw'-machine' *n.* (סקרוּה'-מע-שין') ז. **screwing-machine**.

screw'-nail *n.* (סקרוּה'-נײל) א שרויף וואס דיענט צוצופעסטיגען צוויי שטיקער האָלץ איינס צום אַנדערען.

screw out (סקרוּה אַוט) אַרויסשרויפען; אַרויספּרעסען פון אימעצען [ווי א גע-היימניס]; אויספּרעסען, אויסקוועטשען.

screw'-pile *n.* (סקרוּה'-פּאַיל) א קלאָץ מיט א גווינט פון אונטען, אַריינצודרעהען איהם אין דער ערד.

screw'-pine *n.* (סקרוּה'-פּאַין) דער שרויפען-בוים, די פּאַנדאַנוס-פּאַלמע [א מין פּאַלמען-עהנליכעס ביימעל אדער קוסט פון די הייסע לענדער].

Screw-pine

screw'-press *n.* (סקרוּה'-פּרעס) א שרויפען-פּרעס [א פּרעס וואס ווערט צו-נויפגעדריקט דורך א שרויף].

screw'-propel'ler *n.* (סקרוּה'-פּראָ-פּעל'-ער) א שיפס-שרויף, א שרויף דורך וועלכער א דאַמפּף-שיף ווערט געטריבען.



Screw-propellers

screw'-stair *n.* (סקרוּה'-סטעהר) א שווינדעל-טרעפּ; א טרעפּ וואס דרעהט זיך ווי א שרויף.

screw'-stea'mer *n.* (סקרוּה'-סטיע'-מער) א דאַמפּף-שיף וואס ווערט געטריבען דורך א שרויף.

screw up (סקרוּה אַפּ) צושרויפען; דערטערייבען צו..., טרייבען ביז..., הויך אַרויפטרייבען.

screw up the pri'ces (סקרוּה אַפּ טהי פּראַי'-סעז) העכערען די פּרייזען.

screw'-wrench *n.* (סקרוּה'-רענטש) א שרויפען-שליסעל אדער שרויפען-ציהער.

screw'y *a.* (סקרוּה'-אי) געשלענגעלט, אויסגעדרעהט, ווי די גווינטען פון א שרויף; קאַרג, גייציג, געמיין; דריקענד; אויסגענוצט, אונווערדיג.

scri'bal *a.* (סקראַי'-בעל) שרייבעריש, וואס איז שייך צו א שרייבער; וואס איז שייך צו די סופרים [די פּאַרצייטיגע אי-דישע געלעהרטע].

scrib'blage *n.* (סקריב'-לעדזש) שריי-בעריי, שריפטען; פּאַטשקעריי, קריצלעריי.

scrib'ble *v. and n.* (סקריבל) קריצלען, שרייבען קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס, שמיע-רען, פּאַטשקען; בערשטען וואָל אדער פלאַקס; קריצלעריי, שמירעריי, פּאַטשקעריי.

scrib'bler *n.* (סקריב'-לער) א שמירער, א פּאַטשקון -א פּאַרטאַטשקער שרייבער; א מאַשין צו בערשטען וואָל אדער פלאַקס; אן אַרבייטער וואס אַרבייט מיט אזא מאַשין.

scrib'bling *n.* (סקריב'-לינג) דאס קריצ-לען, דאס שרייבען קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס; דאס בערשטען וואָל אדער וואַטע.

scrib'blingly *adv.* (סקריב'-לינג-לי) קריצלענדיג, שרייבענדיג קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס.

scribe *n. and v.* (סקראַיב) א שרייבער, א סופר; א נאָטאַריוס; א שריפט-געלעהרטער [ביי די פּאַרצייטיגע אידען]; א שפּיציגער אינסטרומענט, וואס ווערט בענוצט אנצוצייכענען דעם אָרט אויף האָלץ אדער מעטאַל, וואו מען דאַרף אָבזעגען אדער אָבשניצען; אנצייכענען אויף האָלץ אדער מעטאַל דעם אָרט וואו מען דאַרף אָבזעגען אדער אָבהאַקען; צופּאַסען צוויי אדער עטליכע שטיקער איינע צו די אַנדערע [ווי אין האָלץ-אַרבייט]; שרייבען, אנצייכענען.

scri'ber *n.* (סקראַי'-בער) א שפּיציגער אינסטרומענט, וואס ווערט בענוצט אום אנצוצייכענען דעם אָרט אויף האָלץ אדער מעטאַל, וואו מען דאַרף אָבזעגען אדער אָבשניצען.

scri'bing *n.* (סקראַי'-בינג) דאס שרייבען, דאס צייכענען; דאס אנצייכענען אויף האָלץ וואו מען דאַרף אָבזעגען אדער אָבשניצען; דאס צופּאַסען צוויי אדער עט-ליכע שטיקער האָלץ איינע צו די אַנדערע.

scri'bing-i'ron *n.* (סקראַי'-בינג-אַי'-ערן) ז. **scriber**.

scri'bism *n.* (סקראַי'-ביזם) די ווירקונג, די לעהרען און די ליטעראַטור פון די פּאַרצייטיגע אידישע סופרים.

scrig'gle *n.* (סקריגל) א שאַקלונג, א טרייסלונג; דאס דרעהען זיך, דאס שלענגלען זיך.

scrim *n.* (סקרים) א מין דינער שטייפער לייוונט וואס ווערט בענוצט אין טאַפּעצירען מעבעל.

scrime *v.* (סקראַים) פּעכטען, שפּיעלען מיט א שווערד.

scrim'mage *n.* (סקרים'-עדזש) א גע-טומעל, א גערודער, א געשלעג; אין פוס-באַל-שפּיעל — דער קאַמפּף פּאַר'ן בעזיץ פון באַל.

scrimp *v., n. and a.* (סקרימפּ) איינשפּאַרען, קאַרגען; בעגרענצען; איינהאַלטען; מאַכען צו קליין, פערשמעלערען, פּערקירצען; א קמצן, א קאַרגער מענש; קאַרג, קנאַפּ; אָרים.

scrimped *a.* (סקרימפּט) פערקירצט, פערקאַרגט, פערשמעלערט.

scrimp'ly *adv.* (סקרימפּ'-לי) אויף א פערענגטען, פערשמעלערטען שטייגער; קנאַפּ, קאַרג; בצמצום.

scrimp'ness *n.* (סקרימפּ'-נעס) קאַרג-קייט, שמאָלקייט, פערקירצונג.

scrim'py *a.* (סקרים'-פּי) קאַרג, קנאַפּ, קורץ, שמאָל.

scringe *v.* (סקרינדזש) זיך בויגען, זיך שמייכלען, זיך אונטערלעקען. ז. **cringe**.

scrin'ium *n.* (סקרינ'-אי-אַם) ביי די אַלטע רוימער — א קעסטעל, אין וועלכען מען פלעגט האַלטען מאַנוסקריפּטען.

scrip *n.* (סקריפּ) א זעקעלע, א רענצעל; א פערשריעבענעס שטיקעל פּאַפּיער; א שיין, אן אַנווייזונג; אין קאָמערץ — דער אינטעריםס-שיין [א צייגניס, וואס דיענט ציטווייליג אלס אן אקציע פון א געזעלשאַפט, ביז דער איינענטימער צאָהלט איין א גע-

וויסע סומע און בעקומט א פארמאלע אקי־ציע]; פאפיער־קליינגעלד.

scrip certif'icate (סקריפ סויר־טיפ־אי־קייט) אין קאמערץ — אן אינטערימס־שיין. ז. ***scrip***.

scrip'-com'pany *n.* (סקריפ'-קאמ'-פע־ני) א געזעלשאפט, וועמענס אקציעס קע־נען איבערגעגעבען ווערען אהן רעגיסטרי־רונג.

scripee' *n.* (סקריפ־איע') א פערזאן וועל־כע ערהאלט א צושריפט, א צייגניס אדער א שיין.

scrip'-hol'der *n.* (סקריפ'-האול'-דער) איינער וואס האלט אן אינטערימס־שיין. ז. ***scrip***.

script *n.* (סקריפט) א שריפט, א האנד־שריפט; דרוק־שריפט וואס האט די פארם פון האנד־שריפט; דער סטיל פון שריי־בען; אין יוריספרודענץ — אן אריגינע־לער דאקומענט [ניט קיין קאפיע].

scrip'tion *n.* (סקריפ'-שאן) האנד־שריפט, א מאנוסקריפט.

scripti'tious *a.* (סקריפ-טיש'-אס) שריפטליך, געשריבען.

scrip'tor *n.* (סקריפ'-טאר) א שרייבער, א סופר.

scripto'rium *n.* (סקריפ-טאו'-רי-אם) די סקריפטאריום, א צימער אין א קלויס־טער אדער מאנאסטיר, וואו די מאנאכען פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט איבערשריי־בען מאנוסקריפטען; א שרייב־צימער.

scrip'tory *a.* (סקריפ'-טא-רי) געשריבען, בכתב [ניט בעל פה], שריפטליך.

scrip'tural *a.* (סקריפ'-טשו-רעל) ביב־ליש, לויט תנ"ך; וואס געהערט צו די הייליגע שריפטען.

scrip'turalism *n.* (סקריפ'-טשו-רעל-איזם) א שטרענגע אנהענגליכקייט אן דעם בוכשטעבליכען זין פון די הייליגע שריפ־טען; דער שטארקער גלויבען אין דער ביבעל; דאס האלטען די הייליגע שריפ־טען אלס דעם גרונד פון יעדער פילא־זאפיע.

scrip'turalist *n.* (סקריפ'-טשו-רעל-איסט) א שטרענגער נאכפאלגער פון די הייליגע שריפטען; איינער וועלכער האלט די הייליגע שריפטען פאר דעם גרונד פון יעדער פילאזאפיע.

scriptural'ity *n.* (סקריפ-טשו-רעל'-אי-טי) ז. ***scripturalness***.

sea'ward *a.* and *adv.* (סיע'-הווארד) וואס איז געריכטעט צום ים-צו; צום ים-צו; אין דער ריכטונג פון ים.
sea'wards *adv.* (סיע'-הווארדז) צום ים-צו, אין דער ריכטונג פון ים.
sea'ware *n.* (סיע'-הוועהר) ים-פלאנצען, ים-גראזען [הויפטזעכליך יענע וואס ווערען ארויסגעווארפען פון די כוואליעס אויף'ן ברעג].
sea'-wa'ter *n.* (סיע'-וואה'-טער) ים-וואסער.
sea'-wax *n.* (סיע'-הוועקס) מינעראל-פעך [א מין שווארצער צעמענט]. ז. ***maltha***.
sea'way *n.* (סיע'-הוויי) די בעוועגונג פון א שיף דורך די ים-כוואליעס.
sea'weed *n.* (סיע'-הוויעד) ים-פלאנצען; ים-גראז.
sea'-whip *n.* (סיע'-הוויפ) א מין קאראל; דער שווארצער קאראל.
sea'-whip'cord *n.* (סיע'-הוויפ'-קאהרד) א מין ים-גראז.
sea'-whip'lash *n.* (סיע'-הוויפ'-לעש) ז. ***sea-whipcord***.
sea'-whis'tle *n.* (סיע'-הוויס'ל) דאס ים-פייפעל [אזא ים-גראז וואס קינדער נעברויכען אלס פייפעל].
sea'-wife *n.* (סיע'-הוואיף) אזא פיש.
sea'-wil'low *n.* (סיע'-הוויל'-או) דער הארן-קאראל [א מין פאליפ].
sea'-wind *n.* (סיע'-הווינד) ז. ***sea-breeze***.
sea'-with'wind *n.* (סיע'-הוויטה'-הווינד) ז. ***sea-bells***.
sea'-wolf *n.* (סיע'-הוואולף) דער ים-וואלף אדער וואלף-פיש [אזא פיש]; דער ים-עלפאנט, דער ים-לייב [אזעלכע ים-הינד]; א ים-רויבער.
sea'wore *n.* (סיע'-הוואור) ז. ***seaware***.
sea'-worm *n.* (סיע'-הווירם) א ים-ווארים.
sea'-worm'wood *n.* (סיע'-הוואירמ'-הוואוד) אזא פלאנצע וואס וואקסט ביי ים-ברעגען אין אייראפא און נארד-אפריקא.
sea'-worn *a.* (סיע'-הוואורן) אבגעריבען אדער בעשעדיגט פון ים.
sea'worthiness *n.* (סיע'-הוואיר-טהי-נעס) דאס זיין גוט אויסגעשטאטעט פאר א ים-רייזע [וועגען א שיף].
sea'worthy *a.* (סיע'-הוואיר-טהי) גוט אויסגעשטאטעט פאר א ים-רייזע [וועגען א שיף].
sea'-wrack *n.* (סיע'-רעק) א מין ים-גראז; ים-גראזען וואס ווערען ארויסגע-ווארפען פון די כוואליעס אויף'ן ברעג.
seba'ceous *a.* (סי-ביי'-שיאס) פעטיג, חלב'דיג.
seba'ceous glands (סי-ביי'-שיאס גלענדז) די פעט-דריזען [אין קערפער].
sebac'ic *a.* (סי-בעס'-איק) אין כע-מיע — וואס איז שייך צו אדער וואס בע-קומט זיך פון פעטס.
sebac'ic ac'id (סי-בעס'-איק עס'-איד) פעט-זויערע, א זויערע וואס בעקומט זיך פון דעם פליסיגען בעשטאנד-טייל פון פעטס.
Se'-Bap'tist *n.* (סי-בעפ'-טיסט) א איי-נער וועלכער טויפט זיך אליין [לויט די קריסטליכע מנהגים דארף מען געטויפט ווערען פון אן אנדערען].
Sebat' *n.* (סע-בעט') דער חודש שבט.
se'bate *n.* (סי'-בייט) פעט-זויער זאלץ, א זאלץ וואס בעקומט זיך פון פעט-זויערע.
sebes'tan *n.* (סי-בעס'-טען) ז. ***sebesten***.
sebes'ten *n.* (סי-בעס'-טען) א מין בוים פון די טראפישע לענדער מיט פלוימען-עהנליכע פרוכטען.
se'bic *a.* (סי'-ביק) ז. ***sebacic***.
sebif'erous *a.* (סי-ביפ'-ע-ראס) ז. ***sebaceous***.
sebil'la *n.* (סי-ביל'-א) א הילצערנע שיי-

סעל פאר זאמד און וואסער וואס ווערט בענוצט ביים זעגען, רייבען אדער פאלירען שטיינער.

sebip'arous *a.* (סי-ביפ'-ע-ראס) וואס לאזט ארויס א פעטקייט [ווי א פעטדריזע].

seborrhe'a *n.* (סעב-א-רי'-א) א קראנקהייט פון די פעטס=דריזען, דורך וועלכער דער קערפער בעדעקט זיך אפט מיט א מין פעטקייט.

seborrhœ'a *n.* (סעב-א-רי'-א) ז. *seborrhea*.

Sebuæ'an *n.* (סעב-יו-אי'-ען) איינער פון א סעקטע שומרונים אדער סאמאריטאנער, וועלכע פייערען ימים=טובים אין אנדערע דאטען ווי עס פאדערט דער אידישער דין.

se'bum *n.* (סי'-באם) סעבום, די אויסטיילונג פון די פעטס=דריזען [אין קערפער].

sebun'dee *n.* (סי-באנ'-דיע) אן אינדישער רעזערוו=סאלדאט [אין דער ענגלישער ארמעע], וועלכער דיענט אין דער לאקאלער פאליציי.

sebun'dy *n.* (סי-באנ'-די) ז. *sebundee*.

secabil'ity *n.* (סעק-ע-ביל'-אי-טי) טיילבארקייט, דאס קענען פאנאנדערגעטיילט ווערען.

Seca'le *n.* (סי-קיי'-לי) א מין קארן.

se'cancy *n.* (סי'-קען-סי) אין מאטעמאטיק — דאס שניידען, איבערשניידונג [ווי למשל, פון איין ליניע מיט א צווייטער].

se'cant *a.* and *n.* (סי'-קענט) שניידענד, צוטיילענד; די שניט=ליניע, א ליניע וואס שניידט דורך א פיגור; אין טריגאנאמעטריע — די סעקאנטע [א ליניע פון צענטער פון א קרייז, וועלכע ציהט זיך פארביי איין ענדפונקט פון אן ארק פון דיעזען קרייז און שניידט זיך איבער אין א געוויסען פונקט מיט דער טאנגענטע אדער מיט דער ליניע, וואס ציהט זיך פארביי דעם צווייטען ענדפונקט פון דעם ארק].



Secant

secede' *v.* (סי-סיד') זיך צוריקטרעטען, זיך צוריקציהען; זיך אבווארפען, זיך אבזונדערען, זיך אבשיידען [פון א פאליטישער אדער רעליגיעזער ארגאניזאציאן].
In 1861 eleven states seceded from the United States.

sece'der *n.* (סי-סי'-דער) א דיסידענט, איינער וואס טיילט זיך אב פון זיין סעקטע אדער פון אן ארגאניזאציאן.

Sece'der *n.* (סי'-סי-דער) איינער פון די שאטלענדישע דיסידענטען אדער אבטריניגע, וועלכע האבען זיך אבגעטיילט אין יאהר 1732 פון דער פרעסביטעריאנישער קירך.

secern' *v.* (סי-סוירן') אבזונדערען, אבטיילען, אויסטיילען; אונטערשיידען, אויסצייכנען; אין פיזיאלאגיע — אויסטיילען פערשיעדענע שטאפען פון קערפער.

secer'nent *a.* and *n.* (סי-סויר'-נענט) אבזונדערענד, אבשיידענד; אויסטיילענד; אין מעדיצין — א מיטעל ארויסצורופען געוויסע אויסטיילונגען פון קערפער; אן ארגאן וואס דיענט אויסצוטיילען געוויסע שטאפען פון בלוט.

secern'ment *n.* (סי-סוירנ'-מענט) די אבזונדערונג אדער אויסטיילונג פון קערפער.

seces'sion *n.* (סי-סעש'-אן) די טרענונג, די אבשיידונג, א פארמאלע אבשפאלטונג אדער אבטיילונג פון א פאליטישער אדער קירכליכער ארגאניזאציאן.

Seces'sion Church (סי-סעש'-אן טשוירטש) א קירכליכע ארגאניזאציאן אין שאטלאנד, וועלכע האט זיך אבגעטיילט פון דער פרעסביטעריאנישער קירך אין מיטען פון 18טען יאהרהונדערט.

seces'sionism *n.* (סי-סעש'-אנ-איזם) דער פרינציפ, אז א פערזאן אדער אן ארגאניזאציאן האט דאס רעכט פארמאל זיך אבצושפאלטען אדער אבצוטיילען פון א פאליטישער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט.

seces'sionist *n.* (סי-סעש'-אנ-איסט) איינער וואס האלט פון דעם רעכט זיך צוריקצוציהען פון א פאליטישער אדער רעליגיעזער קערפערשאפט; אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — איינער וואס האט סימפאטיזירט אדער מיטגעהאלפען דער שטרעבונג פון אייניגע דרום=שטאאטען אין די יאהרען 1860—65 אבצושפאלטען זיך פון דעם אלגעמיינעם שטאאטען=פערבאנד.

Se'chium *n.* (סי'-קי-אם) א מין זידאמעריקאנישע קירבעס=פלאנצען.

seck'el *n.* (סעק'-על) אזא זארט קליינע געשמאקע בארנע, וועלכע ווערט רייף ענדע אקטאבער און וועלכע האלט זיך גוט נור א קורצע צייט.

seclude' *v.* (סי-קלוהד') אבזונדערען; אויסשליסען.

seclu'ded *a.* (סי-קלוה'-דעד) אבגעשיידט; דערווייטערט [פון אנדערע]; אבגעזונדערט.
The house was situated in a **secluded** part of the town.

seclu'dedly *adv.* (סי-קלוה'-דעד-לי) אויף אן אבגעזונדערטען אופן.

seclu'sion *n.* (סי-קלוה'-זשאן) די אבגעשיידענקייט, די אבגעזונדערטקייט, די איינזאמקייט; אן איינזאמער פלאץ.

seclu'sionist *n.* (סי-קלוה'-זשאנ-איסט) איינער וואס האלט פון איינזאמקייט אדער איינגעשלאסענקייט; איינער וואס האלט פון דער טאקטיק ניט צו מישען זיך מיט אנדערע.

seclu'sive *a.* (סי-קלוה'-סיוו) אבזונדערענד, וואס האלט אבגעזונדערט, וואס האלט זיך אין אבגעשלאסענקייט אדער איינזאמקייט.

seclu'sively *adv.* (סי-קלוה'-סיוו-לי) אויף אן אויסשליסענדען, אבזונדערענדען אדער איינזאמען שטייגער.

sec'ond *a.*, *n.* and *v.* (סעק'-אנד) וואס איז דער צווייטער אין ראנג, אין וויכטיגקייט, אין בעדייטונג; בעהילפיג; גענייגט צו אונטערשטיצען; דער צווייטער; אין מוזיק — די סעקאנדא, די צווייטע סטרונע; דער צווייטער טאן, די צווייטע שטימע, דער צווייטער אינסטרומענט; אן אנדערער, א צווייטער, א נידריגערער; א סעקונדאנט אין א דועל; א רגע, א סעקונדע, א זעכציגסטעל פון א מינוט; נאכפאלגען; אונטערשטיצען, העלפען; אונטערשטיצען א פארשלאג.

sec'ond-ad'ventist *n.* (סעק'-אנד-עד'-ווענ-טיסט) איינער וועלכער גלויבט, אז קריסטוס וועט ווידער אמאל קומען אויף דער ערד.

sec'ondarily *adv.* (סעק'-אנ-דע-רי-לי) ניט דירעקט; ניט פון דער ערשטער האנד; צווייטענס.

sec'ondariness *n.* (סעק'-אנ-דע-רי-נעס) נעבענזעכליכקייט; דאס זיין פון צווייטען גראד אדער פון צווייטען זארט.

sec'ondary *a.* and *n.* (סעק'-אנ-דע-רי) סעקונדאר, פון א צווייטען אדער נידריגערען קלאס אדער גרופע; פון א צווייטען גראד אדער זארט; אונטערגעארדענט, נעבענזעכליך; אבגעלייטעט, וואס שטאמט פון עפעס אן אנדערען, ניט אורשפרינגליך; אן אבגעארדנעטער, א דעלעגאט; דער צווייטער אין ראנג; דאס צווייטע אין בעדייטונג; די שוואונג=פעדער פון צווייטען גראד אין פליגעל פון א פויגעל; אין מעטעאראלאגיע — א צווייטע לופט=בעוועגונג נעבען דער ערשטער, וועלכע ברייגנט מיט זיך שטורם און רעגען.

Sec'ondary *n.* and *a.* (סעק'-אנ-דע-רי) אין געאלאגיע — די סעקונדאר=צייט אדער מעזאזאאישע ערא [די פעריאדע אין דער ענטוויקלונגס=געשיכטע פון דער ערד צווישען דער פאלעאזאאישער און קיינאזאאישער ערא]; וואס איז שייך צו דער סעקונדאר=צייט.

sec'ondary cause (סעק'-אנ-דע-רי קאהז) די נעבען=אורזאכע [אן אורזאכע וואס העלפט דער הויפט=אורזאכע, ווירקענדיג טיילוויז אויף'ן רעזולטאט].

sec'ondary cir'cle (סעק'-אנ-דע-רי סוירקל) אין אסטראנאמיע — דער ווערטיקאל=קרייז [א גרויסער קרייז פון א ספערע, וועלכער איז פערפענדיקולאר צו אן אנדער קרייז].

sec'ondary col'or (סעק'-אנ-דע-רי קאל'-אר) א סעקונדערע פארב, א פארב צוזאמענגעשטעלט פון צוויי גרונד=פארבען [די גרונד=פארבען זיינען: רויט, בלוי און גרין].

sec'ondary cur'rent (סעק'-אנ-דע-רי קאר'-ענט) אין עלעקטריציטעט — דער סעקונדערער אדער אינדוצירטער שטראם [אן עלעקטרישער שטראם וואס ווערט ארויסגערופען פון אן אנדער עלעקטרישען שטראם].

sec'ondary educa'tion (סעק'-אנ-דע-רי עד-יו-קיי'-שאן) מיטעלע בילדונג, די ערציהונג וואס מען בעקומט אין א מיטעלשול, ווי א גימנאזיום אדער רעאל=שול.

sec'ondary ev'idence (סעק'-אנ-דע-רי עוו'-אי-דענס) א צייגנים פון צווייטען גראד [ווי למשל, אין דער פראגע וועגען דעם אינהאלט פון א געוויסען דאקומענט איז דאס ערשטע צייגנים דער דאקומענט אליין. ווען אבער דער דאקומענט אליין איז ניטא, דאן איז דאס עדות=זאגען וועגען זיין אינהאלט א צייגנים פון צווייטען גראד].

sec'ondary fe'ver (סעק'-אנ-דע-רי פי'-ווער) אין מעדיצין — א פיבער וועלכער איז דער רעזולטאט פון אן אנדער קראנקהייט.

sec'ondary plan'et (סעק'-אנ-דע-רי פלענ'-עט) אין אסטראנאמיע — א פלאנעט, וועלכער איז א סאטעליט אדער בעגלייטער פון אן אנדער פלאנעט [ווי די לבנה, וועלכע דרעהט זיך ארום דער ערד אין איהר בעוועגונג ארום דער זון].

sec'ondary qual'ities (סעק'-אנ-דע-רי קהוואל'-אי-טיז) אין אריסטאטעל'ס פילאזאפיע — סעקונדערע אייגענשאפטען אדער אייגענשאפטען פון צווייטען גראד. אריסטאטעל האט געהאלטען, אז די פיער עלעמענטען [פייער, ערד, וואסער און לופט], פון וועלכע, ווי מען האט אמאל אנגענומען, עס בעשטעהט די גאנצע וועלט, בעזיצען פיער הויפט=אייגענשאפטען [הייס און קאלט, פייכט און טרוקען] און 14

סעקונדערע איינענשאפטען [שווער און
לייכט, געדיכט און שיטער, דיק און דין,
הארט און ווייך, קלעפיג און ברעקעלדיג,
שארסטקע און גלאט, צוזאמענהענגענד און
פאנאנדערגעטיילט].

sec′ond-best *a.* (סעק′–אנד–בעסט) וואס
איז דער צווייטער בעסטער [דער ער=
שטער נאך'ן בעסטען].

sec′ond cab′in (סעק′–אנד קעב′–אין)
א קאיוטע פון צווייטען קלאס [אין א
שיף].

sec′ond cap′tain (סעק′–אנד קעפ–′
טיין) א קאפיטאן פון צווייטען ראנג [אין
דער פלאטע].

sec′ond child′hood (סעק′–אנד
טשאילד′–הוד) די צווייטע קינדהייט, עובר
בטל [דאס טיעפע אלטער].

sec′ond-class *a.* (סעק′–אנד–קלעס) פון
צווייטען קלאס, פון צווייטען זארט, ניט
גענוג גוט.

sec′ond cous′in (סעק′–אנד קאז′ין)
א גליעדס=שוועסטער=קינד.

sec′onder *n.* (סעק′–אנ–דער) א העלפער,
אן אונטערשטיצער; איינער וואס אונטער=
שטיצט א פארשלאג.

sec′ond-hand *n. and a.* (סעק′–אנד–
הענד) דער סעקונדע=ווייזער [אויף א זייי=
גער]; געניצט, פון צווייטער האנד; וואס
איז בעקומען געווארען צופעליג; וואס
האנדעלט מיט געניצטע זאכען.

sec′ond-hand books (סעק′–אנד–הענד
בוקס) געניצטע ביכער.

sec′ond-hand book′seller (סעק′–
אנד–הענד בוק′–סעל–ער) אן אנטיקוואר,
איינער וואס האנדעלט מיט אלטע, געניצ=
טע ביכער.

sec′ond-hand dish (סעק′–אנד–הענד
דיש) אן אונטערגעווארעמטער מיטאג, ניט
זעהר פרישע שפייז.

sec′ond-hand knowl′edge (סעק′–
אנד–הענד נאל′–עדזש) געגאַשטע למדנות
[דאס וויסען ניט פון דער ערשטער קווע=
לע].

sec′ondly *adv.* (סעק′–אנד–לי) צוויי=
טענס, אין צווייטען פלאץ.

sec′ond-mark *n.* (סעק′–אנד–מארק) אין
מאטעמאטיק — א סעקונדע=צייכען [″].

sec′ond mate (סעק′–אנד מייט) דער
אונטער=שטורמאן [איינער פון די העכע=
רע בעאמטע אויף א שיף].

sec′ond na′ture (סעק′–אנד ניי′–טשור)
די צווייטע נאטור, דאס וואס איז געווא=
רען א געוועהנהייט.

Habit is second nature.

secon′do *n.* (סע–קאנ′–דאו) אין מו=
זיק — סעקאנדא, די צווייטע שטימע, דער
צווייטער שפּיעלער.

sec′ond-rate *a. and n.* (סעק′–אנד–
רייט) פון צווייטען גראד אדער ראנג;
דאס וואס רעכענט זיך פון צווייטען זארט.

sec′onds *n.* (סעק′–אנדז) א זארט גראבע
מעהל; סעקונדען; סעקונדאנטען; די
צווייטע שטימען אדער אינסטרומענטען.
ז. *second*

sec′ond sight (סעק′–אנד סאיט) די פע=
הינקייט פון געוויסע פערזאנען, וועלכע —
ווי זיי בעהויפּטען — קענען פארויסזעהן
די צוקונפט ווי אויך זעהן זאכען, וועלכע
אנדערע קענען ניט זעהן.

sec′ond-sigh′ted *a.* (סעק′–אנד–סאי′–
טעד) וואס האט אן איבערנאטירליכע פע=
הינקייט צו זעהן זאכען, וואס נארמאלע
מענשען זעהן ניט.

sec′onds-pen′dulum *n.* (סעק′–אנדז–
פענ′–דיו–לאם) א פערפענדיקעל אין א זייי=
גער וואס מאכט טיק=טאק יעדע סעקונדע.

sec′ond thoughts (סעק′–אנד טהאהטס)
איבערלעגונג, דער געדאנק נאך איבערלע=
גונג.

Second thoughts are more correct than the first impressions.

secon′ic *n.* (סי–קאנ′–איק) א קאנישער
טייל אדער אבשניט.

se′crecy *n.* (סי′–קרע–סי) דאס זיין אין
געהיים; פערבארגענהייט; דאס האלטען
אין געהיים; די פערשוויגונג; די איינ=
זאמקייט, אבגעזונדערטהייט, צוריקגעצוי=
גענקייט.

se′cret *a. and n.* (סי′–קרעט) סעקרעטנע,
בעהאלטענערהייד; פערבארגען, געהיים;
בסוד; צוריקגעצויגען; א סעקרעט; א גע=
היימניס, א סוד.

secretaire′ *n.* (סעק–רע–טעהר′) א מין
שרייב=טיש מיט קעסטלעך אדער שופלא=
דען ווי א קאמאד.

secreta′rial *a.* (סעק–רי–טע′–רי–על)
סעקרעטאריש, וואס איז שייך צו א סעק=
רעטאר.

secreta′riat *n.* (סעק–רי–טע′–רי–עט)
ז. *secretariate*

secreta′riate *n.* (סעק–רי–טע′–רי–אייט)
דאס סעקרעטאריאט, דאס ארט וואו א
סעקרעטאר פיהרט אן זיין ארבייט; דאס
אמט אדער די אפיציעלע לאגע פון א
סעקרעטאר.

sec′retary *n. and a.* (סעק′–רי–טע–רי)
א סעקרעטאר, איינער וואס פיהרט אן די
קארעספאנדענץ און אנדערע פונקציאנען
פון א געזעלשאפט, פעראיין אדער פון א
פריוואט=פערזאן; א מיניסטער; א שרייב=
טיש מיט קעסטלעך אדער שופלאדען ווי
א קאמאד; אין דרוקעריי — א מין דרוק=
שריפט אין דער פארם פון א שעהנער
האנד=שריפט; דער סעקרעטאר=פויגעל [ז.
secretary-bird]; סעקרעטאריש, מיט
זעהר א שעהנער, רונדער און געצאצקע=
טער האנד=שריפט.

sec′retary-bird *n.* (סעק′–רי–טע–רי–
בוירד) דער סעקרעטאר=פויגעל [א מין
אפריקאנישער גרויער רויב=פויגעל, וואס
ערנעהרט זיך מיט שלאנגען און אנדערע
רעפטילען].

Secretary-bird

Sec′retary of Ag′riculture (סעק′–
רי–טע–רי אוו עג′–רי–קאל–טשור) דער
מיניסטער פון ערד=ארבייט.
ז. *Department of Agriculture*

Sec′retary of Com′merce (סעק′–
רי–טע–רי אוו קאמ′–אוירס), דער האנ=
דעלס=מיניסטער [אין די פעראייניגטע
שטאאטען פון אמעריקא].

sec′retary of em′bassy (סעק′–רי–
טע–רי אוו עמ′–בע–סי)
ז. *secretary of legation*

Sec′retary of For′eign Affairs′
(סעק′–רי–טע–רי אוו פאר′–איין ע–פעהרז′)
דער מיניסטער איבער די אויסערליכע
ענינים.

Sec′retary of La′bor (סעק′–רי–טע–
רי אוו ליי′–באר) דער ארבייטס=מיניסטער
[אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמע=
ריקא]. ז. *Department of Labor*

sec′retary of lega′tion (סעק′–רי–
טע–רי אוו לי–גיי′–שאן) דער סעקרעטאר
פון דער לעגאציאן, דער הויפט=געהילף פון
געזאנדטען.

Sec′retary of State (סעק′–רי–טע–רי
אוו סטייט) ,דער מיניסטער פון אויסערען
[ז. *Department of State*]; אין
די איינצעלנע שטאאטען פון די פעראיי=
ניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א בע=
אמטער וואס שטעלט צונויף און האלט
די רעקארדען אדער שטאאטס=פאפּיערען.

Sec′retary of the Inte′rior (סעק′–
רי–טע–רי אוו טהי אינ–טי′–רי–אר) דער
מיניסטער פון אינערען [אין די פעראיי=
ניגטע שטאאטען פון אמעריקא].
ז. *Department of the Interior*

Sec′retary of the Na′vy (סעק′–רי–
טע–רי אוו טהי ניי′–ווי) דער פלאטען=
מיניסטער, מארין=מיניסטער [אין די פער=
איינינגטע שטאאטען פון אמעריקא].
ז. *Department of the Navy*

Sec′retary of the Treas′ury (סעק′–
רי–טע–רי אוו טהי טרעזש′–אור–אי) דער
פינאנץ=מיניסטער אין די פעראייניגטע
שטאאטען פון אמעריקא.
ז. *Department of the Treasury*

Sec′retary of War (סעק′–רי–טע–רי
אוו הוואהר) דער קריעגס=מיניסטער אין
די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.
ז. *Department of War*

sec′retaryship *n.* (סעק′–רי–טע–רי–
שיפ) דאס סעקרעטאר=אמט, די סעקרעטאר=
שטעלע.

secrete′ *v.* (סי–קריט′) פערבארגען, האל=
טען בסוד, בעהאלטען; אין פיזיאלאגיע
פון חיות און פלאנצען — אבזונדערען,
אויסטיילען, אויסשיידען.

se′cret-false *a.* (סי′–קרעט–פאהלס)
פאלש אדער אונטריי אין האלטען א סוד.

secre′ting glands (סי–קרי′–טינג
גלענדז) די אויסטיילונגס=דריזען [די דריי=
זען, דורך וועלכע עס ווערען אויסגעטיילט
פערשיעדענע שטאפען פון קערפער].

secre′ting or′gans (סי–קרי′–טינג
אהר′–גענז) אין באטאניק — די ארגאנען
פון א פלאנצע, וועלכע טיילען אוים זאפט
און אנדערע שטאפען.

secre′tion *n.* (סי–קרי′–שאן) די אבזונ=
דערונג; די אויסטיילונג; די אבגעזונדער=
טע פליסינקייט אין דעם קערפער פון
טהיערע.

secreti′tious *a.* (סי–קרי–טיש′–אס) אין
פיזיאלאגיע — אבגעזונדערט, אויסגע=
טיילט; וואס האט זיך בעקומען דורך
אויסטיילונג.

secre′tive *a.* (סי–קרי′–טיוו) געהיים מא=
כענד; האלטענד בסוד; פערשוויגען,
שווייגזאם; אין פיזיאלאגיע — וואס רופט
ארוים אן אויסטיילונג.

secre′tively *adv.* (סי–קרי′–טיוו–לי)
האלטענדיג בסוד; על פי סוד.

secre′tiveness *n.* (סי–קרי′–טיוו–נעס)
די נייגונג צו פערבארגען, צו האלטען
בסוד; די פעהיגקייט צו אזא נייגונג [אין
פרענאלאגיע].

se′cretly *adv.* (סי′–קרעט–לי) אויף א
בעהאלטענעם אדער פערבארגענעם שטיי=

גער; בסוד; אין געהיים; פערבארגען, בעהאלטען.

se'cretness *n.* (סי'-קרעט-נעס) די פער= בארגענהייט, די איינגעהאלטענקייט, דאס קענען האלטען א סוד.

secre'tory *a.* (סי-קרי'-טא-רי) אבזונ= דערענד; וואס איז שייך צו דער אויסטיי= לונג פון פליסיגקייטען אין קערפער.

se'crets *n.* (סי'-קרעטס) סעקרעטען, סודות; די געשלעכטס=גליעדער; קערפער= טיילען, וועלכע מען האלט צוגעדעקט צו= ליעב בעשיידענהייט.

se'cret ser'vice (סי'-קרעט סויר'-וויס) געהיים=דיענסט אדער געהיים=פאליציי [פאליציי אין א לאנד, וועלכע שפיאנירט= וועט אויס קרימינעלע און פאליטישע פער= ברעכער, וואס פיהרען זייער טהעטיגקייט אין געהיים]; דאס דיענען אין געהיים= פאליציי.

sect *n.* (סעקט) א סעקטע; א כתה; א רעליגיאנס=סעקטע; א גרופע מענשען, וועלכע האבען זיך אבגעשפאלטען פון דער הערשענדער קירך; א פארטיי, א פראק= ציאן; א גרופע מענשען, וועלכע זיינען פאנאטיש אין זייערע איבערצייגונגען; א געשלעכט.

sec'tant *n.* (סעק'-טענט) א טייל פון א שטח וואס ווערט אבגעשניטען דורך דריי פלעכען.

secta'rial *a.* (סעק-טע'-רי-על) סעק= טאנטיש.

secta'rian *n. and a.* (סעק-טע'-רי-ען) א סעקטאנט, איינער וואס געהערט צו א סעקטע; סעקטאנטיש; וואס איז שייך צו א סעקטאנט; וואס בעלאנגט צו א סעקטע.

secta'rianise *v.* (סעק-טע'-רי-ען-איז) ז. *sectarianize*.

secta'rianism *n.* (סעק-טע'-רי-ען-איזם) סעקטען=גייסט; די אנגעהעריגקייט צו א סעקטע.

secta'rianize *v.* (סעק-טע'-רי-ען-איז) מאכען איינעם פאר א סעקטאנט.

sec'tary *n. and a.* (סעק'-טע-רי) א סעקטאנט, א מיטגליעד פון א סעקטע, פארטיי אדער פראקציאן; א מיטגליעדער פון א רעליגיעזער סעקטע; וואס איז שייך צו א סעקטאנט אדער צו א סעקטע.

sec'tile *a.* (סעק'-טיל) וואס קען גלאט געשניטען אדער געשפאלטען ווערען.

sectil'ity *n.* (סעק-טיל'-אי-טי) די איי= גענשאפט לייכט און גלאט געשניטען צו ווערען.

sec'tio *n.* (סעק'-שי-או) א שנים; א צו= שניידונג; דאס פאלמעסען.

sec'tion *n. and v.* (סעק'-שאן) א סעק= ציאן; א דורכשניט, א דורכשניטס=אנזיכט פון עפעס וואס ווערט פארגעשטעלט אויף א צייכנונג; דאס שניידען; דאס צושניי= דען; דאס צוטיילען; אן איינשניט; א שנים; אן אבשניט, אן אבטיילונג; א טייל; א שטח קהל'שעס לאנד פון 640 אקער [א קוואדראט מייל] אין די פער= אייניגטע שטאאטען פון אמעריקא; א טייל פון א שלאף=וואגאן; א גאנץ דין פעניצעל פאר א מיקראסקאפישער אונטערזוכונג; אן אבזאץ, א פאראגראף [§]; אין זאא= לאגיע און באטאניק — א גרופע; צוטיי= לען אין סעקציאנען אדער אבטיילונגען; צושניידען אויף דינע פעניצלעך פאר א מיקראסקאפישער אונטערזוכונג.

sec'tional *a.* (סעק'-שאן-על) 1. גע= מאכט אין סעקציאנען אדער אין אבטיי= לונגען; 2. וואס געהערט צו אן אבשניט אדער צו אן אבטיילונג; 3. פארטיקולא= ריסטיש, לאקאל, וואס איז בלויז פאר איין בעזונדערען טייל אדער געגענד, וואס איז אין די אינטערעסען נור פון איין טייל אדער איין גרופע פון דער בעפעלקערונג.

1. My library shelves are **sectional** bookcases. 3. **Sectional** feeling is very strong in the Southern States.

sec'tionalism *n.* (סעק'-שאן-על-איזם) פארטיקולאריזם, אבגעזונדערטקייט פון איין טייל פון דער בעפעלקערונג פון דעם אנדערען; דאס זיין בלויז אין די אינטע= רעסען פון איין גרופע אדער טייל פון דער בעפעלקערונג.

sectional'ity *n.* (סעק-שא-נעל'-אי-טי) ז. *sectionalism*.

sectionaliza'tion *n.* (סעק-שאן-על-אי-זיי'-שאן) דאס ווערען פארטיקולאריסטיש. ז. *sectional*.

sec'tionalize *v.* (סעק'-שאן-על-איז) מאכען פארטיקולאריסטיש. ז. *sectional*.

sec'tionally *adv.* (סעק'-שאן-על-אי) אין אבטיילונגען, אין סעקציאנען.

sec'tion-boss *n.* (סעק'-שאן-באס) דער הויפט פון אן אבטיילונג ארבייטער, וועל= כע דארפען האלטען אין ארדנונג אן איי= זענבאהן=ליניע אין א געוויסער סעקציאן.

sec'tion-box *n.* (סעק'-שאן-באקס) א קאמער אדער קאסטען מיט אינסטרומענ= טען פאר די אויפפאסער אויף אן איי= זענבאהן=סעקציאן.

sec'tion-crew *n.* (סעק'-שאן-קרו) די ארבייטער און אנגעשטעלטע פון אן איי= זענבאהן=אבטיילונג.

sec'tionize *v.* (סעק'-שאן-איז) צושניי= דען, צוטיילען; צוטיילען אין אבטיילונגען אדער סעקציאנען.

sec'tion-li'ner *n.* (סעק'-שאן-לאי'-נער) אן אינסטרומענט צו צייכענען פאראלעלע ליניען [ער בעשטעהט פון א דריי=עק און פון א גראדען לינעאל].

sec'tion-plane *n.* (סעק'-שאן-פליין) א געשניטענע פלעכע.

sec'tive *a.* (סעק'-טיוו) ז. *sectile*.

sec'tor *n.* (סעק'-טאר) א סעקטאר, א קרייז=אויסשניט, אן אויסשניט פון א קרייז וואס איז בעגרענעצט פון צוויי ראדיוסען [ז. איל.]; א פראפארציאנס=צירקעל [א מאטעמאטישער אינסטרו= מענט פאר טריגאנאמעטרי= שע אויסרעכנונגען]; אן אס= טראנאמישער אינסטרומענט פאר ווינקעל=מעסטונגען; א טרייב=ראד וואס נור איין סעקטאר=טייל פון איהם האט צייהנער.

Sector

sec'toral *a.* (סעק'-טאר-על) וואס איז שייך צו א סעקטאר [א קרייז=אויסשניט].

sec'tor-gear *n.* (סעק'-טאר-גיער) א טריעב=ראד וואס בלויז איין סעקטאר=טייל פון איהם האט צייהנער.

secto'rial *a. and n.* (סעק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א סעקטאר [א קרייז= אויסשניט]; וואס איז צוגעפאסט צום שניידען [וועגען די צייהנער פון פלייש= עסענדע חיות]; א שנייד=צאהן.

sec'tor-wheel *n.* (סעק'-טאר-הוויעל) ז. *sector-gear*.

sec'ular *a. and n.* (סעק'-יו-לאר) וועלט= ליך, וואס איז ניט געבונדען צום קלויס= טער אדער צו א מאנאכען=ארדען [וועגען פריסטער אדער גלחים]; הונדערט=יעהריג; הונדערט=יעהרליך, וואס פאסירט איין מאל אין הונדערט יאהר; וואס ציהט זיך פאר יאהרען און יאהרהען, וואס דויערט פון בע= שטענדיג אן; א וועלטליכער פריסטער אדער גלח [א פריסטער וואס איז ניט געבונדען צו א מאנאכען=ארדען; א ניט= ארדינירטער קירכען=אנגעשטעלטער.

sec'ular cler'gy (סעק'-יו-לאר קלויר'-דזשי) די וועלטליכע גייסטליכע [פריס= טערס אדער גלחים וואס בעלאנגען ניט צו א מאנאכען=ארדען].

sec'ular educa'tion (סעק'-יו-לאר עד-יו-קיי'-שאן) וועלטליכע ערציהונג [אהן רעליגיאנס=אונטעררייכט].

secularisa'tion *n.* (סעק-יו-לאר-אי-זיי'-שאן) ז. *secularization*.

sec'ularise *v.* (סעק'-יו-לאר-איז) ז. *secularize*.

sec'ularism *n.* (סעק'-יו-לאר-איזם) די איבערגעבענהייט צו וועלט=זאכען אדער צו עולם=הזה, ניט זארגענדיג פאר עולם הבא; די פערנאכלעסיגונג אדער אויסשליסונג פון רעליגיאן אין ערציהונג און עפענטליכען לעבען; די אידעע פון אבטיילען די קירך פון שטאאט.

sec'ularist *n. and a.* (סעק'-יו-לאר-איסט) איינער וואס גלויבט בלויז אין א לעבען אויף דער וועלט אדער אין עולם הזה און זאגט זיך אב פון אלע פארמען פון רעליגיאן און פון דעם גלויבען אין עולם הבא; איינער וואס האלט, אז די רעליגיאן דארף אויסגעשלאסען ווערען פון ערציהונג און פון עפענטליכען לעבען; וואס איז אן אנהענגער פון דיזער אנזיכט אדער טעאריע; וואס איז אן אנהענגער פון דער אידעע פון אבטיילען די קירך פון שטאאט.

secular'ity *n.* (סעק-יו-לער'-אי-טי) וועלטליכקייט [אין געגענזאץ צו גייסט= ליכקייט]; די איבערגעבענהייט צו עולם הזה; דאס גלויבען בלויז אין דער וועלט און ניט אין עולם הבא.

seculariza'tion *n.* (סעק-יו-לאר-אי-זיי'-שאן) דאס איבערגעבען זיך צו עולם הזה, ניט זארגענדיג פאר עולם הבא; דער אי= בערגאנג פון א קירכליכען אדער מאנאכען= צושטאנד צו א וועלטליכען; דאס מאכען וואכעדיג אדער וועלטליך; פערוועלטלי= כונג פון קירכען=גיטער [דאס איבערגע= בען קירכליכע גיטער צום וועלטליכען גע= ברויך]; דאס אויסשליסען רעליגיאן פון ערציהונג און פון עפענטליכען לעבען.

sec'ularize *v.* (סעק'-יו-לאר-איז) מא= כען וועלטליך, אריבערפיהרען פון מאנא= כען=שטאנד אין א וועלטליכען; פערוועלט= ליכען קירכליכע גיטער [איבערגעבען קירכליכע גיטער פאר א וועלטליכען גע= ברויך]; וואכעדיג מאכען, אוועקנעהמען דעם רעליגיעזען אינהאלט אדער איינפלוס; בעקעהרען צו אן עולם=הזה'דיגען לעבען.

sec'ularly *adv.* (סעק'-יו-לאר-לי) וועלטליך [אין געגענזאץ צו גייסטליך].

sec'ular mu'sic (סעק'-יו-לאר מיו'-זיק) וועלטליכע [ניט קירכליכע] מוזיק.

sec'ularness *n.* (סעק'-יו-לאר-נעס) ז. *secularity*.

se'cund *a.* (סי'-קאנד) איינזייטיג, וואס האט צווייגלעך נור פון איין זייט [וועגען פלאנצען].

secunda'tion *n.* (סעק-אן-דיי'-שאן) גליק, מזל ברכה.

sec'undine *n.* (סעק'-אן-דין) אין בא= טאניק — די צווייטע אדער אינעווייניגסטע איי=הויט; אין מעדיצין — די פלאצענטא, די שליה, דאס ארס, די נאך=געבורט, די איי=הויט.

secundip'ara *n.* (סעק-אן-דיפ'-ע-רא) א פרוי וואס געבעהרט צום צווייטען מאל.

secun'dum *prep.* (סי-קאן'-דאם) אין בעצוג, לויט.

secur'able *a.* (סי-קיור'-עבל) וואס קען געזיכערט ווערען; לייכט צו זיכערען.

secur'ance *n.* (סי-קיור'-ענס) פערזיכערונג.

secure' *a. and v.* (סי-קיור') זיכער, פערזיכערט, גאראנטירט; פריי פון געפאהר; רוהיג, זארגלאז; זיכערען, שיצען, בעוואהרען; פערזיכערען; געוויס מאכען; גאראנטירען; זיכער מאכען; פערפעסטיגען; אריינזעצען אין תפיסה; פעסט אנגרייפען; נעהמען אין בעזיץ.

secure'ly *adv.* (סי-קיור'-לי) מיט זיכערהייט, מיט געוויסהייט; אויף א זיכערען אופן; אהן מורא פאר געפאהר; אין זיכערהייט.

secure'ment *n.* (סי-קיור'-מענט) די פערזיכערונג; דאס מאכען זיכער.

secure'ness *n.* (סי-קיור'-נעס) די זיכערהייט; דאס זיין זיכער.

secur'er *n.* (סי-קיור'-ער) א שיצער, א בעשיצער; איינער אדער עטוואס וואס זיכערט.

secu'riform *a.* (סי-קיו'-רי-פארם) האק-פערמיג, וואס האט די פארם פון א האק.

sec'urite *n.* (סעק'-יו-ראיט) אזא שטארקער אויפרייסענדער שטאף, א געוויסער עקספלאזיאנס-פולווער וואס רייסט אויף מיט א גרויסער קראפט.

secu'rity *n.* (סי-קיו'-רי-טי) זיכערהייט; שוץ; גאראנטיע; בירגשאפט, ערבות; א משכון; א פערזיכערונג; אן ערב.

sedan' *n.* (סי-דען') א טראג-שטוהל [אזא גרויסער געדעקטער געפאלסטערטער שטוהל וואו עס קען זיצען איין פערזאן און וועלכער ווערט געטראגען אויף שטאנגען פון די זייטען].

Sedan

sedan'-chair *n.* (סי-דען'-טשעהר) ז. ***sedan***.

sedate' *a.* (סי-דייט') געזעצט, רוהיג, געלאסען.

sedate'ly *adv.* (סי-דייט'-לי) מיט געזעצטקייט, מיט געלאסענהייט; אויף א רוהיגען אדער געלאסענעם אופן.

sedate'ness *n.* (סי-דייט'-נעס) געזעצטקייט, רוהיגקייט, געלאסענקייט.

seda'tion *n.* (סי-דיי'-שאן) בערוהיגונג.

sed'ative *a. and n.* (סעד'-ע-טיוו) בערוהיגענד, איינשטילענד; א רפואה, וואס שטילט איין א וועהטאג.

sed'ative salt (סעד'-ע-טיוו סאהלט) באר-זויערע.

sed'ative wa'ter (סעד'-ע-טיוו וואהטער) אזא קאסמעטישער אדער מעדיצינישער מיטעל צו וואשען די הויט, געמאכט פון אמאניא, קאמפער, זאלץ און וואסער.

se'dent *a.* (סיע'-דענט) זיצענד, רוהיג, רוהענד, געלאסען.

sed'entarily *adv.* (סעד'-ען-טע-רי-לי) זיצענדיג אויף איין ארט; בלייבענדיג בעשטענדיג אויף איין ארט.

sed'entariness *n.* (סעד'-ען-טע-רי-נעס) דאס זיצען בעשטענדיג אויף איין ארט; א זיצענדע לעבענס-ארט; אומבעוועגליכקייט.

sed'entary *a. and n.* (סעד'-ען-טע-רי) זיצענד; איינגעזעסען, וואס זיצט בעשטענדיג אויף איין ארט; אומבעוועגליך, פויל; וואס איז געוואוינט פיעל צו זיצען, וואס זיצט כסדר אין דער היים; אבגעזונדערט פון מענשען; וואס פאדערט, אז מען זאל פיעל זיצען [וועגען אן ארבייט אדער בעשעפטיגונג]; וואס קומט פון פיעל זיצען; אין זאאלאגיע — וואס בלייבט בעשטענדיג אין איין ארט, וואס וואנדערט ניט [וועגען פיש אדער פויגעל]; איינער וואס זיצט פיעל; אן איינגעזעסענער מענש.

sede'runt *n.* (סי-דיע'-ראנט) א זיצונג, א פערזאמלונג; א געריכטס-זיצונג [די איינגענטליכע בעדייטונג פון דעם ווארט איז: זיינען אנוועזענד געווען ביי א זיצונג, האבען אנטייל גענומען אין א זיצונג. אין דיזען איינגענטליכען זין ווערט דער אויסדרוק געברויכט אין פראטאקאלען פון זיצונגען אדער פערזאמלונגען ביים אויסרעכנען די נעמען פון די אנוועזענדע].

sedge *n.* (סעדזש) סעגע אדער ריעד-גראז [א מין גראז]; א גראז וואס וואקסט אין נאסע געגענדען; א מחנה אדער הורטע צאפליעס אדער עהנליכע פויגלען.

sedge'-bird *n.* (סעדזש'-בוירד) דער וויידען-זינגער [א זינג-פויגעלע].

sedged *a.* (סעדזשד) וואס בעשטעהט אדער איז געמאכט פון ריעד-גראז.

sedge'-war'bler *n.* (סעדזש'-וואהר'-בלער) ז. ***sedge-bird***.

sedge'-wren *n.* (סעדזש'-רען) ז. ***sedge-bird***.

sedg'y *a.* (סעדזש'-אי) בעוואקסען מיט ריעד-גראז.

sed'iment *n.* (סעד'-אי-מענט) דאס אבגעשטאנענע אויפ'ן דעק, דעק-אבזאץ, הייוועז.

sedimen'tal *a.* (סעד-אי-מען'-טעל) וואס איז שייך צו אדער וואס איז ווי הייוועז אדער דעק-אבזאץ.

sedimen'tary *a.* (סעד-אי-מען'-טע-רי) וואס זעצט זיך אב אויפ'ן דעק; וואס בילדעט זיך דורך אבלאגערונג אדער פון דעם וואס זעצט זיך אב פון וואסער אויפ'ן דעק [וועגען געוויסע ערד-שיכטען אדער בערג].

sedimenta'tion *n.* (סעד-אי-מען-טיי'-שאן) אבלאגערונג אדער באדען-אבזאץ [ערד אדער שטיינער וואס זעצען זיך אב פון וואסער אויפ'ן דעק און בילדעט א שיכט].

sed'iment-collec'tor *n.* (סעד'-אי-מענט-קא-לעק'-טאר) א פאררינכטונג אין פליסיגקייטס-כלים אנצוזאמלען דעם אבזאץ און איהם בעזייטיגען.

sedi'tion *n.* (סי-דיש'-אן) אן אויפשטאנד, אן אויפרוהר, א מיאטעזש; דאס אויפרייצען צו אן אויפשטאנד; א רעדע אדער פלוג-שריפט וואס רייצט צו אן אויפשטאנד.

sedi'tionary *a. and n.* (סי-דיש'-אנ-איי-רי) מיאטעזשנע, אויפריהרעריש: וואס איז שייך צו אן אויפשטאנד; א מיאטעזשניק, א בונטאווטשטשיק.

sedi'tious *a.* (סי-דיש'-אס) רעבעליש, אויפריהרעריש, מיאטעזשנע.

sedi'tiously *adv.* (סי-דיש'-אס-לי) אויף אן אויפריהרערישען אדער מיאטעזשנעם אופן.

sedi'tiousness *n.* (סי-דיש'-אס-נעס) דאס זיין מיאטעזשנע אדער אויפריהרעריש; דאס זיין גענייגט צו אן אויפרוהר אדער אויפשטאנד.

seduce' *v.* (סי-דיוס') פערפיהרען, אראבפיהרען פון דרך הישר; פערפיהרען א פרוי.

sedu'ceable *a.* (סי-דיו'-סעבל) וואס קען פערפיהרט ווערען [בעזאנדערס וועגען א פרוי]; וואס קען אראבגעפיהרט ווערען פון דרך הישר.

seduce'ment *n.* (סי-דיוס'-מענט) דאס פערפיהרען [בעזאנדערס א פרוי]; דאס אראבפיהרען פון דרך הישר; א פערפיהרונג; א פערפיהרעניש; פערפיהרונגס-מיטלען.

sedu'cer *n.* (סי-דיו'-סער) א פערפיהרער, א פערפיהרערין.

sedu'cible *a.* (סי-דיו'-סיבל) פערפיהרבאר, וואס קען פערפיהרט ווערען [בעזאנדערס וועגען א פרוי]; וואס קען אראבגעפיהרט ווערען פון דרך הישר.

sedu'cingly *adv.* (סי-דיו'-סינג-לי) פערפיהרעריש, אויף א פערפיהרערישען אופן.

sedu'cive *a.* (סי-דיו'-סיוו) ז. ***seductive***.

seduc'tion *n.* (סי-דאק'-שאן) פערפיהרונג; דאס אראבפיהרען פון דרך הישר; דאס פערפיהרען א פרוי.

seduc'tive *a.* (סי-דאק'-טיוו) פערפיהרעריש.

seduc'tively *adv.* (סי-דאק'-טיוו-לי) אויף א פערפיהרערישען אופן; פערפיהרעריש.

seduc'tiveness *n.* (סי-דאק'-טיוו-נעס) א פערפיהרערישע איינגענשאפט אדער נייגונג; א פערפיהרערישער איינפלוס.

seduc'tress *n.* (סי-דאק'-טרעס) א פערפיהרערין.

sedu'lity *n.* (סי-דיו'-לי-טי) פלייסיגקייט, התמדה.

sed'ulous *a.* (סעד'-יו-לאס) פלייסיג; וואס איז א מתמיד.

sed'ulously *adv.* (סעד'-יו-לאס-לי) פלייסיג, מיט התמדה.

sed'ulousness *n.* (סעד'-יו-לאס-נעס) פלייסיגקייט, התמדה.

see *v. and n.* (סיע) זעהן; זיך זעהן; זיך טרעפען; קוקען; נאכקוקען, נאכזוכען, ערפאהרען; זיך איבערלעגען; פערשטעהן, בעגרייפען; אויסגעפינען; בעגלייטען; בעזוכען; האבען אין זינען, האבען אין אויג; בעזארגען, נאכזעהן; א בישאפליכער אדער ערץ-בישאפליכער זיץ אדער ארט; די רעזידענץ פון א בישאף אדער ערץ-בישאף; דאס אמט אדער די ווירדע פון א בישאף אדער ערץ-בישאף; די יעפארכיע אדער געגענד וואס איז אין דעם רשות פון א בישאף אדער ערץ-בישאף.

see'able *a.* (סיע'-עבל) זיכטבאר, וואס קען געזעהן ווערען.

see about' (סיע ע-באוט') זעהן וואס מען קען טהאן, נאכדענקען, זיך איבערלעגען.

I shall see about your suggestions.

see af'ter (סיע עפ'-טער) אויפפאסען.

seed *n. and v.* (סיעד) זאמען, זאט, זריעה; זרע; א קערנדעל; די אבשטאמונג, די קוועלע, די אורזאכע, דער אורשפרונג; געשלעכט, ראסע, שטאם, קינדער; נאכקומענשאפט; זייהען זאט; ארויסנעהמען

די זאמען אדער די זאט; בעפּוצען מיט קליינע פיגורען עהנליך צו קערנדלעך; ארויסגעבען אדער פּראָדוצירען זאמען אדער זאט; לאָזען ווערען קערנערדיג ווי פעטס וואס מען לאָזט לאַנגזאם זיך אָב־קיהלען.

seed′-bas′ket *n.* (סיעד׳-בעס׳-קעט) א זאט־קארב [א קארב אין וועלכען מען האלט די זאט ביים זייהען].

seed′-bed *n.* (סיעד׳-בעד) א בייט צום פערזייהען.

seed′-bee′tle *n.* (סיעד׳-ביע׳טל) דער זאמען־צושטערער [אזא אינזעקט וואס צופרעסט די זאמען פון פּלאַנצען].

seed′box *n.* (סיעד׳-באַקס) דער קאפּסול ביי א פּלאַנצע וואו עס ליעגען די זאמען.

seed′-bud *n.* (סיעד׳-באַד) דער קיים, דאס אייעלע פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך דאס זאמען־קערנדעל.

seed′-cake *n.* (סיעד׳-קייק) א קוכען וואס ענטהאלט זאמען־קערנער, א מאהן־קוכען, א קימעל־קוכען.

seed′-coat *n.* (סיעד׳-קאוט) די שאלעכץ פון א זאמען־קערנדעל.

seed′-cod *n.* (סיעד׳-קאד) ז. *seed-basket*.

seed′-corn *n.* (סיעד׳-קאהרן) זאט־קארן, זריעה־קערנער, קערנער צום זייהען.

seed′-crush′er *n.* (סיעד׳-קראש׳-ער) אן אינסטרומענט צו צורייבען זאמען כדי ארויסצודריקען אויל פון זיי.

seed′-down *n.* (סיעד׳-דאון) זאמען־פוך [אזא פוך וואס בעדעקט געוויסע זאמען־קערנער, ווי פון באוועל צ. ב.].

seed′-drill *n.* (סיעד׳-דריל) א זייה־מאשין צו זייהען זאט אין שורות.

see′ded *a.* (סיע׳-דעד) פול מיט זאמען; זאמען טראגענד, וואס איז מיט זאמען; רייף, פול ענטוויקעלט; פערזייהט; בע־שפרענקעלט מיט זאמען.

seed′-embroi′dery *n.* (סיעד׳-עמ-בראָי׳-דער-אי) שטיקעריי, אין וועלכער עס ווערען איינגענעהט זאמען פון געווי־סע פרוכט.

see′der *n.* (סיע׳-דער) א זייהער, א זייה־מאשין; אן אפּאראט ארויסצונעהמען די זאמען אדער קערנער פון פרוכט; א פיש וואס ענטהאלט רויגען אדער מילך.

seed′-field *n.* (סיעד׳-פיעלד) א פעלד צום פערזייהען.

seed′-fish *n.* (סיעד׳-פיש) א פיש וואס ענטהאלט רויגען אדער מילך.

seed′ful *a.* (סיעד׳-פול) פול מיט זאט אדער זאמען; פיעל פערשפרעכענד.

seed′-gar′den *n.* (סיעד׳-גאר׳-דן) א זאמען־גארטען [א גארטען צום קולטיווי־רען זאט].

seed′-grain *n.* (סיעד׳-גריין) ז. *seed-corn*.

see′diness *n.* (סיע׳-די-נעס) דאס זיין קערנדיג, דאס זיין פול מיט זאמען אדער קערנער; אבגעריבענקייט, אבגעטראגענ־קייט; אבגעניצטקייט; אויסגעמאטערט־קייט.

see′ding *n.* (סיע׳-דינג) דאס פערזייהען זאט.

see′ding-machine′ *n.* (סיע׳-דינג-מע-שין׳) א זייה־מאשין.

see′ding-plow *n.* (סיע׳-דינג פלאו) אן אקער וואס זייהט אויף די קערנער ביים אקערען.

seed′-lac *n.* (סיעד׳-לעק) זאמען־לאק [א לאק וואס ווערט געמאכט פון קער־נער].

seed′-leaf *n.* (סיעד׳-ליעף) דאס זאמען־בלאט [דאס ערשטע בלעטעל וואס שפראצט ארויס פון דעם זאמען].

seed′-leap *n.* (סיעד׳-ליעפּ) א זייה־קארב [א קארב אין וועלכען מען האלט די זאט ביים זייהען].

seed′less *a.* (סיעד׳-לעס) וואס האט ניט קיין זאמען אדער זאט.

seed′ling *n. and a.* (סיעד׳-לינג) א זא־מען־געוויקס, א זאמען־פלאנצע [א פלאנ־צע וואס וואקסט ארויס פון א קערנדעל, צום אונטערשיעד פון אן אבגעשניטענעם צווייגעל וואס ווערט פערפלאנצט]; וואס קומט ארויס פון א זאמען אדער קערנדעל.

seed′-lip *n.* (סיעד׳-ליפּ) ז. *seed-leap*.

seed′-lobe *n.* (סיעד׳-לאוב) ז. *seed-leaf*.

seed′man *n.* (סיעד׳-מען) ז. *seedsman*.

seed′-oil *n.* (סיעד׳-אויל) זאמען־אויל.

see doub′le (סיע דאבל) זעהן א גע־גענשטאנד ווי ער וואלט געווען דאפּעלט [ווי ווען עס שווינדעלט פאר די אויגען אדער ווען מען איז שכור].

seed′-oys′ters *n.* (סיעד׳-אויס׳-טערז) יונגע אויסטערס, וועלכע ווערען אריבער־געטראגען אין ערטער וואו זיי זיינען ניטא, אז זיי זאלען זיך דארט איינפיה־רען.

seed′-plan′ter *n.* (סיעד׳-פלענ׳-טער) א זייה־מאשין [בעזאנדערס פאר בערג].

seed′-plot *n.* (סיעד׳-פּלאט) א שטיק ערד וואס ווערט פערזייהט מיט זאט אום די פלאנצען, וואס וואקסען ארויס פון זיי, זאל מען שפעטער איבערזעצען אין אן אנדער ארט.

seeds′man *n.* (סיעדז׳-מען) א זייהער; א זאמען־הענדלער, א זאט־הענדלער.

seed′-sow′er *n.* (סיעד׳-סאו׳-ער) א זייה־מאשין.

seed′-time *n.* (סיעד׳-טאים) די זאט־צייט, די זייהונגס־צייט.

seed′-ves′sel *n.* (סיעד׳-וועס׳-על) אין באטאניק — דער זאמען־קאפּסעל [דער טייל פון א פלאנצע וואס ענטהאלט די זא־מען־קערנער].

seed′-wool *n.* (סיעד׳-הוואול) רויהער באוועל פון וועלכען מען האט נאך די זאמען ניט ארויסגענומען.

see′dy *a.* (סיע׳-די) 1. רייך אין קערנער, פול מיט זאמען; 2. וואס האט אן אייגענ־טימליכען ריח [וועגען פראנצויזישען בראנפען]; 3. אבגעטראגען, אבגעניצט, ארעמזעליג; 4. קאצוי־יאמערליך, אויסגע־מאטערט, מיעד ווי נאך א הוליאנקע; 5. פול מיט רויגען אדער מילך [וועגען פיש].

3. There appeared at the door a seedy looking individual.

see′ing *c. and n.* (סיע׳-אינג) ווייל; נעהמענדיג אין אנבעטראכט; אזוי ווי; דאס זעהען.

see in′to a mill′stone (סיע אינ׳-טו ע מיל׳-סטאון) ז. *see through a millstone*.

see in′to some′thing (סיע אינ׳-טו סאמ׳-טהינג) נאכקוקען, נאכזועהן עפּעס; אין עפּעס ארייננטראכטען זיך.

seek *v.* (סיעק) 1. זוכען, נאכזוכען, נאכ־פרעגען; 2. שטרעבען נאך..., זיך יאגען נאך...; 3. זיך ווענדען צו...

1. Seek and ye shall find. 2. His enemy seeks his ruin.

see′ker *n.* (סיע׳-קער) א זוכער; א נאכ־זוכער, א נאכפרעגער.

seek for (סיעק פאר) נאכזוכען; שטרע־בען צו געפינען.

seel *v. and n.* (סיעל) פערבינדען די אויגען; פערמאכען די אויגען, בלינד מא־כען; אנבויגען זיך אן א זייט [וועגען א שיף וואס ווערט געווארפען פון כוואַ־ליעס]; א בויג אויף דער זייט [ווי פון א שיף וואס ווערט געווארפען פון שטורם].

seem *v.* (סיעם) 1. שיינען, שיינען צו זיין, אויסזעהן, אויסווייזען; 2. דוכטען, דאכטען.

1. It seems to me that he is right. 2. I still seem to hear the voice of my childhood friends.

see′mer *n.* (סיע׳-מער) איינער וואס זעהט אויס, איינער וואס גיט זיך א גע־וויסען אויסזעהן.

see′ming *a. and n.* (סיע׳-מינג) 1. וואס זעהט אויס, וואס שיינט; שיינבאר; 2. דאס אויסזעהן, דער אנזעהן.

1. My seeming indifference should not be taken to mean a lack of interest in the project.

see′mingly *adv.* (סיע׳-מינג-לי) לויט ווי עס ווייזט אויס, לויט ווי עס שיינט; שיינבאר.

see′mingness *n.* (סיע׳-מינג-נעס) דאס אויסזעהן, דער אנזעהן, שיינבארקייט.

seem′lily *adv.* (סיעמ׳-לי-לי) אויף א פאסענדען, אנשטענדיגען אופן.

seem′liness *n.* (סיעמ׳-לי-נעס) אנ־שטאנד, דאס גוטע אויסזעהן; אנשטענדיג־קייט; פאסיגקייט; חן, שעהנקייט.

seem′ly *a. and adv.* (סיעמ׳-לי) אנ־שטענדיג; פאסענד; אויף א פאסענדען אדער אנשטענדיגען אופן.

seen (סיען) געזעהן. ז. *see*.

see one through (סיע וואן טהרוה) אימעצען דורכהעלפען, ארויסשלעפּען אי־מעצען פון א צרה.

see out (סיע אוט) אויס־ קוקען אדער אויס־הערען ביז׳ן סוף; איבערטרעפען, איבער־שטייגען.

seep *v.* (סיעפּ) זיך דורכזייען; אברינען, אבטריפען.

see′page *n.* (סיע׳-פּעדזש) אבזייאונג, אבטריפונג; די פליסיגקייט וואס ווערט אבגעזייט אדער אבגעטריפט.

see′py *a.* (סיע׳-פּי) זעהר פייכט, אנגע־זאפט מיט פיעל פייכטקייט.

seer *n.* (סיער) א זעהער, א פּראפעט, א נביא.

seer′ship *n.* (סיער׳-שיפּ) נביא׳שאפט, דאס כאראקטעריסטישע פון א נביא.

seer′sucker *n.* (סיער׳-סאק-ער) אזא דינער אסט־אינדישער לייווענד־שטאף.

see′-saw *n., a. and v.* (סיע׳-סאה) דאס וויעגען זיך אויף א באלאנסירענדען ברעט אדער קלאץ; א שאקעל־ברעט, א הוידעל־קע; דאס הוידען אדער וויעגען זיך; א היין און הער ערקלערונג, אן ערקלערונג פון איין זאך דורך א צווייטער וואס די צווייטע גופא ווערט ערקלערט דורך דער ערשטער; דאס צוויי־זייטיגע טרומפּען אין וויהיסט [אזא קארטען־שפּיעל]; היין און הער, ארויף און אראב; שוואנקען; זיך וויעגען אדער בעוועגען היין און הער; וויעגען, שאקלען, הוידען.

see′-saw mo′tion (סיע׳-סאה מאו׳-שאן) א היין און הער בעוועגונג; א בע־וועגונג ארויף און אראב.

see stars (סיע סטאהרז) פיהלען ווי עס פליהען פונקען פון די אויגען [ווי ביים קריגען א שטארקען קלאפּ אין קאפּ].

seethe *v.* (סיעטה) זידען, קאכען; איינ־ווייקען; זיך קאכען.

see the back of (סיע טהי בעק אוו) פטור ווערען.

see the el′ephant (סיע טהי על׳-ע-

פענט) זעהן עפּעס אונגעוועהנליכעס אדער וואונדערליכעס, זעהן דאס ערשטע מאל א גרויסע שטאדט מיט איהרע פיהרונגען.

see the light (סיע טהי לאיט) דערזעהן די ליכטיגע וועלט; בעקאנט ווערען אין דער עפענטליכקייט; ארויסקומען אין דער עפענטליכקייט.

see'ther *n.* (סיע'-טהער) א קאכער; א קאך=טאפּ; א קעסעל.

see the sights (סיע טהי סאיטס) בעקוקען די זעהענסווירדיגקייטען פון א שטאדט אדער פון א געגענד.

see through a mill'stone (סיע טהרוה ע מיל'-סטאון) דורכקוקען עטוואס אונדורכדרינגליכעס; האבען א שארף אויג; האבען א שארפען מח.

see through a prism (סיע טהרוה ע פּריזם) זעהן א זאך ניט ווי זי איז.

see through one (סיע טהרוה הוואן) פערשטעהן אדער בעגרייפען אימעצען דורך און דורך.

see to it (סיע טו איט) בעזארגען.
I shall see to it that my instructions are carried out.

segar' *n.* (סי-גאר') ז. *cigar*

seghol' *n.* (סע-גאול') א סגל [ֶ].

seg'ment *n. and v.* (סעג'-מענט) אן אבשניט [אן אבגעשניטענער טייל]; א סעגמענט, אן אבגעשניטענער טייל פון א געאמעטרישער פיגור; אן אבגעשניטענער טייל פון א קרייז [ז. איל.]; א רינג פון דעם הינטער=טייל פון אן אינזעקט; צוטיילען אדער צוטיילט ווערען אין סעגמענטען [אבשניטען].

Segment

seg'mental *a.* (סעג'-מענ-טעל) וואס האט די פארם פון א סעגמענט [אן אבשניט פון א קרייז]; וואס איז שייך צו סעגמענטען אדער אבשניטס=טיילען.

seg'mentally *adv.* (סעג'-מענ-טעל-אי) אין סעגמענטען, אין אבשניטס=טיילען.

seg'mentary *a.* (סעג'-מענ-טע-רי) ז. *segmental*

seg'mentate *a.* (סעג'-מענ-טייט) וואס איז אין סעגמענטען אדער אין אבשניטס=טיילען.

segmenta'tion *n.* (סעג-מענ-טיי'-שאן) דאס צושניידען אדער טיילען אין סעגמענטען אדער אין אבשניטען.

seg'mented *a.* (סעג'-מענ-טעד) געטיילט אין סעגמענטען אדער אין אבשניטען.

seg'ment-gear *n.* (סעג'-מענט-גיער) א צאהן=טריעב=ווערק וואס פערנעהמט נור א סעגמענט [אבשניט] פון א קרייז.

Segment-gear

seg'ment of a cir'cle (סעג'-מענט אוו ע סוירקל) א סעגמענט, א קרייז=אבשניט.

seg'ment-wheel *n.* (סעג'-מענט-הוויעל) א טריעב=ראד וואס נור א טייל פון זיין אומקרייז האט צייהנער.


Segment-wheels

se'gno *n.* (סיי'-ניאו) א מוזיק=צייכען וואס צייגט אן דעם אנהויב אדער ענדע פון א ווידערהאלונג [פערקירצט *S*].

seg'regate *v. and a.* (סעג'-רי-גייט) אבזונדערען; אבשיידען, אבטיילען; זיך אבטיילען, זיך אבזונדערען; אבגעזונדערט, אבגעטיילט, אבגעשיידט.

segrega'tion *n.* (סעג-רי-גיי'-שאן) אבזונדערונג, אבטיילונג, אבשיידונג.

seg'regative *a.* (סעג'-רי-גע-טיוו) אבטיילענד, אבזונדערענד, צושיידענד.

seguidil'la *n.* (סעג-אי-דיעל'-יא) אזא לעבעדיגער שפּאנישער טאנץ פאר א פּארעל; די מוזיק פאר דיעזען טאנץ.

Seid'litz pow'der (סעד'-ליץ פּאו'-דער) זיידליץ=פּולווער [אזא אבפיהרונגס=פּולווער].

sei'gneur *n.* (סיע'-ניאר) ז. *seignior*

seigneu'rial *a.* (סי-ניאו'-רי-על) ז. *seigniorial*

sei'gnior *n.* (סיע'-ניאר) א סעניאר, א הערר, א גרונד=הערר, א גרונד=בעזיצער.

sei'gniorage *n.* (סיע'-ניאר-עדזש) דאס רעכט אדער פּריווילעגיום פון א גרונד=הערר; דאס קעניגליכע פּריווילעגיום; דער שטייער פון גאלד וואס די קרוין פלעגט אמאל נעהמען פאר מאכען גאלדענע מטבעות; דער טייל פון פּראפיט וואס א שרייבער בעקומט פון פערלעגער ביים פערקויפען זיין בוך.

sei'gnioralty *n.* (סיע'-ניאר-על-טי) דאס רעכט אדער דאס לאנד פון א גרונד=הערר.

seignio'rial *a.* (סי-ניאו'-רי-על) וואס איז שייך אדער וואס בעלאנגט צום פּריץ אדער צום גרונד=בעזיצער.

sei'gniorize *v.* (סיע'-ניאר-איז) בעהערשען.

sei'gniory *n.* (סיע'-ניאר-אי) די הערשאפט; דאס גרונד=אייגענטום פון א גרויסען לאנד=הערר; א לאנד=געביעט; א שטאדט=ראט אין דער איטאליענישער רעפּובליק אין מיטעלאלטער.

seine *n. and v.* (סיין) א שלעפּ=נעץ [אזא נעץ צו פאנגען פיש וואס צו איין ענד פון איהם ווערען בעפעסטיגט שטיקער קארק און פון דעם אנדערען ענד שטיקער בליי וואס דורך דעם שטעהט ער אין וואסער ווערטיקאל ווי א צאם און פאנגט די פיש וואס שווימען אין דעם אבגעצאמטען געביעט]; פאנגען פיש מיט א שלעפּ=נעץ.

seine'-boat *n.* (סיינ'-באוט) א פישער=שיפעל וואס ווערט בענוצט צום ווארפען און ארויסציהען שלעפּ=נעצען.

seine'-fish'er *n.* (סיינ'-פיש'-ער) א פישער וואס פאנגט פיש מיט א שלעפּ=נעץ.

sei'ner *n.* (סיי'-נער) א פישער וואס פאנגט פיש מיט שלעפּ=נעץ; א שיפעל וואס ווערט בענוצט פאר פיש=פאנג מיט א שלעפּ=נעץ.

sei'ning *n.* (סיי'-נינג) דאס פאנגען פיש מיט א שלעפּ=נעץ.

seip *v.* (סיעפּ) ז. *seep*

sei'sin *n.* (סיע'-זין) ז. *seizin*

seis'mal *a.* (סאיס'-מעל) ז. *seismic*

seis'mic *a.* (סאיס'-מיק) וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון ערד=ציטערנים.

seis'mical *a.* (סאיס'-מי-קעל) ז. *seismic*

seis'mograph *n.* (סאיס'-מא-גרעף) א סייסמאגראף [אן אינסטרומענט, וועלכער פערצייכענט איטאמאטיש דעם מאמענט, די דויער, די שטארקייט און די ריכטונג פון אן ערד=ציטערנים].

seismograph'ic *a.* (סאיס-מא-גרעפ'-איק) וואס איז פערבונדען מיט א סייסמאגראף; סייסמאגראפיש, וואס איז שייך צו סייסמאגראפיע. ז. *seismography*

seismograph'ical *a.* (סאיס-מא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *seismographic*

seismog'raphy *n.* (סאיס-מאג'-רע-פי) סייסמאגראפיע, דאס שטודיום און בעשרייבונג פון ערד=ציטערניסען דורך דער הילף פון סייסמאגראפען [אינסטרומענטען וואס פערצייכענען דעם מאמענט, די דויער, די שטארקייט און די ריכטונג פון אן ערד=ציטערנים].

seismolog'ical *a.* (סאיס-מא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו סייסמאלאגיע [די וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג פון ערד=ציטערניסען].

seismol'ogist *n.* (סאיס-מאל'-א-דזשיסט) א וויסענשאפטליכער אונטערזוכער אדער פארשער פון ערד=ציטערנים און איהרע אורזאכען.

seismol'ogy *n.* (סאיס-מאל'-א-דזשי) סייסמאלאגיע, די לעהרע וועגען ערד=ציטערניסען.

seismom'eter *n.* (סאיס-מאמ'-ע-טער) א סייסמאמעטער, א סייסמאגראף. ז. *seismograph*

seismomet'ric *a.* (סאיס-מא-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו א סייסמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען ערד=ציטערניסען]; וואס איז בעאבאכטעט דורך א סייסמאמעטער; וואס איז שייך צו סייסמאמעטריע. ז. *seismometry*

seismomet'rical *a.* (סאיס-מא-מעט'-רי-קעל) ז. *seismometric*

seismom'etry *n.* (סאיס-מאמ'-ע-טרי) סייסמאמעטריע, די מעסטונג אדער די וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג פון ערד=ציטערנים.

seis'moscope *n.* (סאיס'-מא-סקאופּ) א סייסמאסקאפּ [אן אינסטרומענט וואס צייגט אן דעם מאמענט און די דויער פון אן ערד=ציטערנים].

sei'zable *a.* (סיע'-זעבל) אויף וואס מען קען לעגען אן ארעסט, וואס קען גענומען ווערען אין בעשלאג; וואס קען צוגענומען ווערען; וואס קען גענומען ווערען אין בעזיץ.

seize *v.* (סיעז) אוועק=כאפּען, גרייפען; נעהמען, צונעהמען; אנפאלען, ארומכאפּען; נעהמען אין בעשלאג, ארויפלעגען אן ארעסט; נעהמען אין בעזיץ; בעפעסטיגען, אנבינדען [שיפס=זאכען].

sei'zer *n.* (סיע'-זער) אן אנגרייפער; א בעשלאג=נעהמער, אן ארעסט=לעגער.

sei'zin *n.* (סיע'-זין) א בעזיץ, א בעזיצטום; א לאנד=בעזיץ; דאס נעהמען אין בעזיץ; דאס נעהמען לאנד אין בעזיץ.

sei'zing *n.* (סיע'-זינג) דאס פערנעהמען אין בעזיץ; דאס צובינדען א שיף; שטריק צום צוזאמענבינדען זאכען אויף א שיף.

sei'zor *n.* (סיע'-זאר) ז. *seizer*

sei'zure *n.* (סיע'-זשור) די צונעהמונג, די בעזיץ=נעהמונג, די בעשלאג=נעהמונג, דאס לעגען אן ארעסט; אן אנגריף, אן אנפאל; דאס פערכאפּטע, דאס צוגענומענע.

se'jant *a.* (סי'-דזשענט) זיצענד ווי א קאץ [וועגען אויסגעמאלטע אדער אויסגעקריצטע חיות אויף א הערב, ווי א לייב אדער אן אנדער חיה וואס זיצט אויף די הינטערשטע פיס]

se'jeant *a.* (סי'-דזשענט) ז. *sejant*

se'jugous *a.* (סי'-דזשו-גאס) אין באטאניק — זעקס=פּאריג, וואס האט זעקס פּאר בלעטלעך.

sela'chian *a. and n.* (סי-לײ'-קי-ען) וואס איז שייך צו דעם מין ווירבעל=טהיערע צו וועלכע עס געהערען די האיפיש; איינער פון דיעזען מין; א האיפיש.

Sela'chii *n.* (סי-ליי'-קי-אי) דער מין ווירבעל-טהיערע צו וועלכע עס געהערען די האיפיש און די וועלכע זיינען צו זיי עהנליך.

sel'achoid *a. and n.* (סעל'-ע-קאיד) וואס איז עהנליך צו א האיפיש; א האיפיש.

Se'lah (סיע'-לא) סלה [א ווארט אין תהלים פון וועלכען מען ווייס ניט גענוי די בעדייטונג און וועלכער ווערט פון אייניגע אנגענומען אלס א מוזיק-צייכען].

sel'dom *adv.* (סעל'-דאם) זעלטען.

sel'dom seen, soon forgot'ten (סעל'-דאם סיען, סוהן פאר-גאט'ן) אויס די אויגען — אויס דעם הארצען.

select' *v., a. and n.* (סי-לעקט') אויסוועהלען, אויסקלייבען; אבקלייבען; אויסגעקליבען, אויסגעוועהלט; אויסנאהמיג; איבערקלייבעריש; געגויאיג, פינקטליך; עטוואס וואס איז געוועהלט אדער געקליבען.

select' commit'tee (סי-לעקט' קא-מיט'-אי) א קאמיטעט, וואס ווערט אויסגעקליבען פאר א בעשטימטען צוועק און ווערט אויפגעלעזט נאכדעם ווי דער צוועק ווערט דערגרייכט.

selec'ted *a.* (סי-לעק'-טעד) אויסגעוועהלט, אויסגעקליבען; ספעציעל געוועהלט.

selec'tedly *adv.* (סי-לעק'-טעד-לי) מיט א בעזונדערען אויסוואהל.

selec'tion *n.* (סי-לעק'-שאן) דאס אויסוועהלען אדער אויסקלייבען; אן אויסוואהל; אויסגעוועהלטע זאכען אדער שטיקער; אין ביאלאגיע — די נאטירליכע אבקלייבונג אדער די צוכט-וואהל [ז. *natural selection*].

selec'tive *a.* (סי-לעק'-טיוו) אויסוועהלענד, אויסקלייבענד.

selec'tively *adv.* (סי-לעק'-טיוו-לי) דורך אויסוואהל, דורך אבקלייבונג.

select'man *n.* (סי-לעקט'-מען) איינער פון די געוועהלטע שטאדט-בעאמטע אין ניי-ענגלאנד [אמעריקא], וואס האט צו פערוואלטען די שטאדטישע אנגעלעגענהייטען.

select'ness *n.* (סי-לעקט'-נעס) אויסגעוועהלטקייט, אויסגעקליבענקייט; פארטרעפליכקייט, אויסגעצייכענטקייט.

selec'tor *n.* (סי-לעק'-טאר) אן אבקלייבער, אן אויסוועהלער, אן אויסקלייבער.

Sele'ne *n.* (סי-ליע'-ני) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — די געטין פון דער לבנה.

selen'ic ac'id (סי-לענ'-איק עס'-איד) סעלען-זויערע [א כעמישער פראדוקט וואס בילדעט זיך פון סעלעניום]. ז. *selenium*.

sel'enide *n.* (סעל'-אי-ניד) א סעלען-פערבינדונג [א פערבינדונג פון סעלעניום מיט אן אנדער כעמישען עלעמענט]. ז. *selenium*.

selenif'erous *a.* (סעל-אי-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אין זיך סעלעניום. ז. *selenium*.

sele'nious *a.* (סי-לי'-ני-אס) וואס איז שייך צו סעלעניום; פראדוצירט פון סעלעניום. ז. *selenium*.

Sel'enite *n.* (סעל'-אי-נאיט) א פאבעלהאפטער איינוואהנער פון דער לבנה.

sel'enite *n.* (סעל'-אי-נאיט) אין מינעראלאגיע — סעלעניט, שפיגעל-שפאט [אזא קריסטאליזירטער און דורכזיכטיגער גיפס]; אין כעמיע — סעלען-זויערע זאלץ.

sele'nium *n.* (סי-לי'-ני-אם) סעלעניום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען, וועלכען מען געפינט אין פערבינדונג מיט שוועבעל אדער טעלור און וועלכער איז בעקאנט מיט זיין אייגענשאפט צו ענדערען זיין עלעקטרישען ווידערשטאנד אונטער דעם איינפלוס פון ליכט און היץ].

sele'niuret *n.* (סי-לי'-ניו-רעט) ז. *selenide*.

sele'niureted *a.* (סי-לי'-ניו-רעט-עד) וואס ענטהאלט סעלעניום, וואס איז פערבונדען מיט סעלעניום. ז. *selenium*.

sele'niuretted *a.* (סי-לי'-ניו-רעט-עד) ז. *seleniureted*.

sele'nograph *n.* (סי-לי'-נא-גרעף) א בילד פון דער לבנה.

selenog'rapher *n.* (סעל-אי-נאג'-רע-פער) איינער וואס בעשרייבט אדער שטודירט די לבנה.

selenograph'ic *a.* (סי-לי-נא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער בעשרייבונג פון דער לבנה.

selenograph'ical *a.* (סי-לי-נא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *selenographic*.

selenog'raphist *n.* (סעל-אי-נאג'-רע-פיסט) ז. *selenographer*.

selenog'raphy *n.* (סעל-אי-נאג'-רע-פי) סעלענאגראפיע [די וויסענשאפט אדער די בעשרייבונג פון דער לבנה].

selenolog'ic *a.* (סי-לי-נא-לאדזש'-איק) וואס איז שייך צו דער וויסענשאפט וועגען דער לבנה.

selenolog'ical *a.* (סי-לי-נא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *selenologic*.

selenol'ogy *n.* (סעל-אי-נאל'-א-דזשי) סעלענאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען דער לבנה.

self *pr., a. and n.* (סעלף) זעלבסט; זיך; גופא, אליין; איינפאך, ריין, ניט געמישט מיט אנדערע [וועגען קאלירען]; דאס "איך", דאס זעלבסט; פערזענליכע אינטערעסען אדער נוצען.

self-aban'doning *a.* (סעלפ-ע-בענ'-דאנ-אינג) וואס קוקט ניט אויף זיינע אייגענע אינטערעסען; זיך אויפאפפערענד.

self-aban'donment *n.* (סעלפ-ע-בענ'-דאנ-מענט) דאס ניט קוקען אויף זיך, דאס ניט אכטען אויף די אייגענע אינטערעסען; זעלבסט-אויפאפפערונג.

self-abase'ment *n.* (סעלפ-ע-בייס'-מענט) זעלבסט-ערנידערונג.

self-abhor'rence *n.* (סעלפ-עב-האר'-ענס) זעלבסט-פעראכטונג.

self-abnega'tion *n.* (סעלפ-עב-ני-גיי'-שאן) זעלבסט-פערלייקענונג, דאס ניט רעכענען זיך מיט זיך אליין.

self-absorbed' *a.* (סעלפ-עב-סאהרבד') וואס איז אריינגעטהאן אין זיך, וואס איז פערטיעפט אין זיך.

self-abuse' *n.* (סעלפ-ע-ביוס') דאס מיסברויכען די אייגענע קרעפטען, דאס מיסברויכען די אייגענע פערזאן; זעלבסט-בעפלעקונג, אנאניזם.

self-accusa'tion *n.* (סעלפ-עק-יו-זיי'-שאן) זעלבסט-בעשולדיגונג, דאס בעשולדיגען זיך אליין.

self-accu'satory *a.* (סעלפ-ע-קיו'-זע-טא-רי) ז. *self-accusing*.

self'-accu'sing *a.* (סעלפ'-ע-קיו'-זינג) זיך זעלבסט-בעשולדיגענד, וואס בעשולדיגט זיך אליין.

self-ac'ting *a.* (סעלפ-עק'-טינג) זעלבסט-טהעטיג, זעלבסט-ווירקענד, זיך זעלבסט רעגולירענד [ביי מאשינען].

self-activ'ity *n.* (סעלפ-עק-טיוו'-אי-טי) זעלבסט-טהעטיגקייט [די איינגעבארענע אדער אינערליכע קראפט פון טהעטיגקייט און בעוועגונג].

The doctrine of **self-activity** is the basis of modern education.

self'-adapta'tion *n.* (סעלפ'-עד-עפ-טיי'-שאן) די זעלבסט-צופאסונג פון אן ארגאניזם צו נייע בעדינגונגען דורך ענדערונגען, וועלכע זיינען אין דעם ארגאניזם פארגעקומען פאר דיעזען צוועק [ווי די פערשטארקונג פון א מוסקול דורך איבונג אדער ארבייט].

self-adjus'ting *a.* (סעלפ-ע-דזשאס'-טינג) וואס רעגולירט זיך אליין, וואס ברייננגט זיך אליין אין ארדנונג [וועגען געוויסע מאשינען אדער זייערע טיילען].

The clock has a **self-adjusting** attachment.

זעצען, ארדנען; שטעלען א פרייז, בעשטימען דעם ווערטה; איינלעגען געלד, וועטען; שטעלען אין קאן; צוריכטען עפעס צום געברויך; צוגרייטען צו דער ארבייט, אראנזשירען, פערפערטיגען; אנשטעלען אדער אנשארפען די צייהנער פון א זעג; ארויסטרעטען אין א געוויסער ריכטונג פון בעוועגונג אדער טהעטיגקייט; בריינגען צו א געוויסען צושטאנד; שטעלען אין א פערלעגענהייט; אין דרוקעריי — זעצען שריפט; אין מוזיק — אנשטעלען דעם טאן; צופאסען ווערטער צו נאטען; זינקען, אונטערגעהן [ווי די זון]; זיך פערוואנדלען פון א פליסיגקייט אין א סאלידען קערפער, געדיכט ווערען, זיך פערהארטעווען; זיך אבזעצען; שטייף ווערען; זיך אויסבויגען [וועגען א וועגטקע]; פליסען אדער שטרעמען אין א געוויסער ריכטונג; זיך נייגען; זיך נעהמען פאר עפעס; טהאן עפעס, אנווענדען די כחות; ארויסשפראצען, אנהויבען וואקסען; זיצען [אויף אייער, ווי א הוהן]; זיך פאסען [ווי א קלייד]; געזעצט, שטייף ביי זיך, ניט בויגזאם, פעסט געשלאסען; געארדענט, פעסטגעזעצט, בעשטימט; גוט בעטראכט, מיט א פארויסגעזעצטען פלאן; שטייף, סאליד, אונבעוועגליך; איינגעזעסען אין א געוויסען פלאץ; צוזאמענגעשטעלט; געבויט; געמאכט; א גאנג, א גרופע, א סעריע, א קלאס; א קאמפאניע, א באנדע, א קליקע; דאס זעצען, דאס צוגעבען א בעשטימטע פארם, פאזיציאן אדער ריכטונג; די ריכטונג פון עפעס; דער קורס, די בעוועגונג, די טענדענץ; אן אויסבויגונג; גלייכפערמיגקייט, צופאסונג; דאס זעצען, דער אונטערגאנג [ווי פון דער זון]; אן ערשט-ארויסגעשפראצטע יונגע פלאנצע; די קנאספע אדער דאס אויגעל וואס שפראצט ארויס פון א פלאנצע; די צופאסונג [ווי פון א קלייד]; א גארניטור, א גאנג; א גארניטור מעבעל, א טיש-גארניטור, א סערוויז.

se′ta *n.* (סי′-טא) א דיקע שטייפע האר; א חזיר-האר.

set about′ (סעט ע-באוט′) ארייננטרעטען; אנפאנגען; זיך נעהמען צו עפעס.

I am going to **set about** my business.

set above′ (סעט ע-באוו′) העכער שטעלען אלס...

set abroad′ (סעט ע-בראהד′) בעקאנט מאכען, פערברייטען.

A rumor of the President's illness was **set abroad.**

seta′ceous *a.* (סי-טיי′-שיאס) וואס איז בעדעקט מיט שטייפע שטעכעדיגע האר [ווי חזיר-האר].

set afire′ (סעט ע-פאיר′) אנצינדען, פערברענען.

set aflame′ (סעט ע-פליים′) אנצינדען, פערברענען.

set afloat′ (סעט ע-פלאוט′) אבפאהרען [אויף דעם וואסער]; לאזען שווימען.

set against′ (סעט ע-גענסט′) געגענשטעלען; ארויסרופען כעס אדער פערביטערונג פון איינעם געגען אנדערען.

He **sets** one friend **against** another.

set agape′ (סעט ע-גייפ′) ערשטוינען אימעצען.

set agog′ (סעט ע-גאג′) אנרייצען.

set a lim′it (סעט ע לימ′-איט) עפעס בעשריינקען; שטעלען א ציעל צו עפעס.

set an exam′ple (סעט ען עג-זעמ′פל) טהאן עפעס אזוי, עס זאל דיענען אלס מוסטער; געבען א ביישפיעל.

set a pa′per (סעט ע פיי′-פער) אין די אוניווערזיטעטען — צוגרייטען אן עקזאמענאציאנס-פאפיער.

set apart′ (סעט ע-פארט′) פאנאנדערטיילען, אבזונדערען.

set aright′ (סעט ע-ראיט′) צורעכט מאכען, איינארדנען.

set aside′ (סעט ע-סאיד′) אבלעגען אן א זייט; פערווארפען; מאכען צו נישט.

set at bay (סעט עט ביי) איינעם שטעלען אין א שלעכטער לאגע.

set at defi′ance (סעט עט די-פאי′-ענס) ניט מורא האבען; זיך געגענשטעלען.

set at ease (סעט עט איעז) בערוהיגען; צופריעדען שטעלען; מאכען בעקוועם.

set a time (סעט ע טאים) בעשטימען א צייט.

set at lib′erty (סעט עט ליב′-ער-טי) ארויסלאזען פון געפענגנים; בעפרייען.

set at naught (סעט עט נאהט) מאכען צו גארנישט; האלטען פאר א קלייניגקייט.

set awork′ (סעט ע-הווארק′) זיך נעהמען צו דער ארבייט; בעשעפטיגען.

set′-back *n.* (סעט′-בעק) 1. א צוריקפאל; א צוריקשפרונג; א צוריקשטויסונג; 2. אין ארכיטעקטור — א פלאכער אבזאץ אין א וואנד.

1. The party received a **set-back** in the last campaign.

set back (סעט בעק) צוריקזעצען; צוריקשטויסען.

set before′ (סעט בי-פאור′) ארויסשטעלען, ארויסווייזען; שטעלען אויפ'ן טיש צום עסען אדער טרינקען.

set′-bolt *n.* (סעט′-באולט) א טרייב-באלץ [א באלץ וואס ווערט בענוצט ארויסצוקלאפען אן אנדער באלץ], א קאפ-באלץ, א שרויף-באלץ.

set by (סעט באי) אוועקלעגען אן א זייט; דערווייטערען; פערווארפען.

set close (סעט קלאוס) זעצען געדיכט [וועגען שריפט-זאץ].

set down (סעט דאון) 1. אראבזעצען, אראבלעגען [א משא]; 2. נאטירען, פערצייכענען, פערשרייבען עפעס; 3. צושרייבען א מיין אדער בעדייטונג; 4. רעכענען, האלטען, מיינען; אויסזידלען, שטארק טאדלען.

3. You may **set** his silence **down** to diffidence.

set′-down *n.* (סעט′-דאון) דאס אנזייפען א קאפ, דאס גוט אויסזידלען.

set eyes on (סעט איז אן) א בליק ווארפען אויף עפעס אדער אימעצען.

set fire to (סעט פאיר טו) אונטערצינדען, פערברענען.

set foot on (סעט פוט אן) בעטרעטען, ארויפטרעטען מיט'ן פוס.

Columbus was the first to **set foot** on American soil.

set forth (סעט פאורטה) ציינען, ווייזען, בעווייזען; בעקאנטמאכען; ארויסגעבען [א בוך]; דערהויבען, ריהמען, רעקאמענדירען; אראנזשירען, שטעלען אין ארדנונג, ארויסשטעלען; אנהויבען מארשירען, ארויסטרעטען פארווערטס.

set for′ward (סעט פאר′-הווארד) געהן פארווערטס; טרייבען ווייטער; אנטרייבען.

set free (סעט פריע) פריי לאזען, בעפרייען.

set go′ing (סעט גאו′-אינג) בריינגען אין גאנג, לאזען געהן.

setif′erous *a.* (סי-טיפ′-ע-ראס) פון בארשט-האר; בעוואקסען מיט בארשט-האר [ווי א חזיר].

se′tiform *a.* (סי′-טי-פארם) וואס איז ענליך צו הארטע שטייפע האר; וואס האט די פארם פון חזיר-האר.

setig′erous *a.* (סי-טידזש′-ע-ראס) ז. *setiferous*.

set in (סעט אין) 1. מאכען איינעם צו טהאן עפעס; מאכען אן אנהויב; 2. אנפאנגען; זיך אנהויבען; 3. זיך פעסטשטעלען אין א געוויסען צושטאנד; 4. פליסען אין דער ריכטונג צום ברעג; ווערען געריכטעט צו עפעס; 5. ווידער בעווייזען זיך נאך א צייט פון פערשווינדונג [ווי א מחנה פיש].

1. Please assist and **set** me **in.** 2. In England winter usually **sets in** about December. 3. The weather was **set in** very cold.

set′-in *n.* (סעט′-אין) אן אנהויב, דאס אנפאנגען.

set in mo′tion (סעט אין מאו′-שאן) בריינגען אין בעוועגונג.

set in or′der (סעט אין אהר′-דער) בריינגען אין ארדנונג; אראנזשירען; זעהן אז עפעס זאל דורכגעפיהרט ווערען.

set in read′iness (סעט אין רעד′-אי-נעס) מאכען גרייט.

set law at defi′ance (סעט לאה עט די-פאי′-ענס) זיך געגענשטעלען דעם געזעץ.

set off (סעט אף) 1. בעציערען, בעשעהנען; 2. אונטערשטרייכען, ארויסצייגען בולט'ער [ארויסשטעלענדיג אלס קאנטראסט צו עפעס]; 3. געגענשטעלען, ארויסשטעלען אלס א געגען-געוויכט; 4. אבמארקירען, אבצייכנען, פאנאנדערטיילען דורך א ליניע; 5. עקספלאדירען, אויסשיסען; 6. ארויספאהרען, אבפאהרען; 7. אין דרוקעריי — פערשמירען, פערפאטשקען [וועגען דרוק-טינט, וואס האט זיך נאך ניט אבגעטריקענט אויף דעם ערשט-אבגעדרוקטען בויגען פאפיער און קען פערשמירען דעם צווייטען בויגען וואס לעגט זיך אויף איהם].

2. The garment is made to **set off** the wearer. 3. A man on trial is not allowed to **set off** his good actions against his crimes. 6. Is it true that you are **setting off** without taking leave of your friends?

set′-off *n.* (סעט′-אף) א פערציערונג, אן ארנאמענט; אין ארכיטעקטור — אן אבזאץ אדער האריזאנטאלע ארויסשטארצונג פון א מויער-וואנד; א געגענשטעלונג; א געגען-פאדערונג; אין געזעצגעבונג — דאס געגען-געוויכט פון איין חוב געגען אן אנדערען; די פאדערונג פון א בעל-חוב אבצושאפען זיין שולד דורך דעם, וואס דער קרעדיטאר איז איהם שולדיג געלד; אין דרוקעריי — די דורכשלאגונג פון דרוק-טינט אויף דער אנדערער זייט פון פאפיער.

set on (סעט אן) אויפהעצען, אנרייצען; אנפאנגען, אנהויבען; פערנעהמען זיך מיט עפעס; אטאקירען, אנגרייפען.

se′ton *n.* (סי′-טאן) א פאדים אדער האר וואס ווערט דורכגעצויגען מיט א נאדעל דורך דער הויט פון קערפער.

set on edge (סעט אן עדזש) 1. שטעלען אויפ'ן ראנד אדער ברעג [ווי א פלאכער שטיין, וואס איז געשטעלט משופע]; 2. זיין שטארק אנגעשטרענגט.

2. We were all **set on edge** on election night.

set one's cap at (סעט הוואנז קעפ עט) זוכען געפעלען צו זיין [וועגען א פרוי בנוגע צו א מאן]; סטארען זיך אז יענער זאל מיט איהר חתונה האבען.

She **sets** her **cap at** him.

set one's face (סעט הוואנז פיים) זיך ווענדען צו א בעשטימטען ארט; פעסט בעשליסען.

set one's face against′ (סעט הוואַנז פּייס ע־גענסט') אַרויסזייגעז אונצופריע־דענהייט מיט עפּעס; ניט גינסטיג זיין צו עפּעס; זיין דאַגעגען.

set one's hand to (סעט הוואַנז הענד טו) זיך אונטערשרייבען אדער אונ־חתמ'ענען.

set one's heart at rest (סעט הוואַנז האַרט עט רעסט) זיך בערוהיגען; זיך צופריעדען שטעלען.

set one's heart on (סעט הוואַנז האַרט אָן) פערלאַנגען שטאַרק, האָבען אַ שטאַר־קען חשק צו עפּעס.

set one's seal to (סעט הוואַנז סיעל טו) געבען פּאָלמאַכט; פּערזיכערען אין עפּעס.

set one's shoul′der to the wheel (סעט הוואַנז שאָול'־דער טו טהי הוויעל) צולעגען אַן אַקסעל, אַרויסהעלפען, צוהעלפען; אַליין אַרבייטען, אַליין טהאָן, זיך אַ נעהם טהאָן.

set one's teeth (סעט הוואַנז טיעטה) צוזאַמענדריקען די צייהנער; אַנגעהמען אַ פעסטען בעשלוס.

set one to the door (סעט הוואַן טו טהי דאָור) אימעצען אַנווייזען די טהיר, אימעצען אַרויס׳פּטר׳ען.

set on fire (סעט אָן פאַיר) אונטערצינ־דען; אויפפלאַמען, אויפהעצען.

set on foot (סעט אָן פוט) אַנהויבען, בריינגען אין בעוועגונג; שטעלען אויף'ן פוס.

set on the legs (סעט אָן טהי לעגז) שטעלען אויף די פיס, איינעם אויסהעל־פען.

set o′pen (סעט אָופּן) עפענען, אויפ־דעקען.

se′tose *a.* (סי'־טאָוס) באָרשטיג, בעדעקט מיט שטעכעדיגע האָר.

set′-out *n.* (סעט'־אַוט) אַן אויסשטאַטונג, אַן אויספּערטיגונג; אַ פּערפּערטיגונג צו עפּעס [ווי צו אַ רייזע]; אַן אויסשטע־לונג פון אַרטיקלען אדער כלים.

set out (סעט אַוט) אויסטיילען, געבען יעדען זיין חלק; פּובליקירען, אַרויסלאָ־זען [ווי אַ פּראָקלאַמאַציע]; בעצייכנען מיט אַ גרענעץ; בעציערען, בעפּוצען, דעקאָרירען; אויסשטאַטען און אַרויסשיקען [ווי אַ שיף]; אַרויסשטעלען, צייגען, דעמאָנסטרירען, בעווייזען; דערצעהלען; איבערגעבען מיט אַלע פּרטים; מאַכען עס זאָל אַרויסשטאַרצען [ווי אַ שטיין פון וואַנד]; אַרויסטרעטען אין אַ נסיעה; אַנהויבען אַ קאַריערע; אַרויספליסען.

set o′ver (סעט אָו'־ווער) בעשטימען אַלס פערוואַלטער אדער הערשער איבער עפּעס; איבערטראַגען, איבערגעבען.

set pen to pa′per (סעט פּען טו פּיי'־פּער) נעהמען די פעדער אין דער האַנד; אַנפאַנגען שרייבען.

set′-pin *n.* (סעט'־פּין) ז. ***dowel***.

set rate (סעט רייט) אַ נעזעצטער פּרייז; אַ געשטעלטער מקח; אַ טאַקסע.

set right (סעט ראַיט) פּעררעכטען, גוט אדער ריכטיג מאַכען.

set sail (סעט סייל) אַנציהען די זעגלען; לאָזען זיך אין אַ נסיעה.

set seed (סעט סיעד) בילדען דעם פּרוכט־זאָמען.

set speech (סעט ספּיעטש) אַ פּאַרבערייטעטע אדער איינגעשטודירטע רעדע.

set straight (סעט סטרייט) מאַכען גראַד אדער גלייך.

settee′ *n.* (סע־טיע') אַ רוהע־באַנק, אַ זאָפע, אַ קאַנאַפּע, אַ דיוואַן; אַ מין שיף וואָס ווערט געברויכט אויף דעם מיטעל־לענדישען ים מיט צוויי אדער דריי דריי־קאַנטיגע זעגלען [ז. איל.].



Settee

set′ter *n.* (סעט'־ער) דער וואָס זעצט, שטעלט, ריכטעט איין א. ז. וו.; אַ שריפט־זעצער; אַ שטיין־זעצער; אין מוזיק — דער טאָן־זעצער, דער קאָמפּאָניסט; אַ סע־טער [אַזאַ יאַגד־הונד פאַר פויגעל־יאַגד. ז. ***setting-dog***]; דער שפּיר־הונד [איי־נער וואָס שפּירט נאָך געוויסע פּערזאָנען צו בעשווינדלען אדער בערויבען זיי].

set′ter forth (סעט'־ער פאָורטה) אַן אַנזאָגער; איינער וואָס בריינגט עפּעס אַרויס אין דער עפענטליכקייט.

set′ter-grass *n.* (סעט'־ער־גראַס) ז. ***bear's-foot***.

set′ter off (סעט'־ער אָף) איינער אדער עפּעס וואָס בעציערט אדער דעקאָרירט; איינער וואָס רעקאָמענדירט עפּעס.

set′ter on (סעט'־ער אָן) אַן אויפריהרער, אַן אַנהעצער, אַן אויפרייצער.

set′ter out (סעט'־ער אַוט) איינער וואָס מאַכט עפּעס עפענטליך בעקאַנט; אַ פּראָ־קלאַמירער, אַ פּובליקירער.

set′ter up (סעט'־ער אַפּ) איינער וואָס זעצט עפּעס אויף; איינער וואָס זעצט אַן.

set′terwort *n.* (סעט'־ער־וואָירט) ז. ***bear's-foot***.

set the hand to (סעט טהי הענד טו) פּערנעהמען זיך מיט עפּעס; אונטערנעה־מען.

set the land (סעט טהי לענד) בעאָבאַכ־טען דורך'ן קאָמפּאַס ווי די שיף דערוויי־טערט זיך פון ברעג.

set the riv′er on fire (סעט טהי ריוו'־ער אָן פאַיר) טהאָן אַ וואונדערליכע, אויסערגעוועהנליכע זאַך.

He is a smart enough fellow, but he'll never set the river on fire.

set the ta′ble (סעט טהי טייבל) גריי־טען צום טיש.

set the teeth on edge (סעט טהי טיעטה אָן עדזש) פּעראורזאַכען אַן אונ־אַנגענעהמען געפיהל [ווי דאָס געפיהל אין די צייהנער בעת מען עסט אַ זויער זוייערע פּרוכט].

set′ting *n.* (סעט'־אינג) דאָס זעצען, דאָס שטעלען; דאָס איינפאַסען; אַן איינפאַסונג [פון עדעלשטיינער]; דאָס אויסשטעלען; דער אונטערגאַנג [פון דער זון]; פויגעל־יאַגד מיט יאַגד־הינד; די צאָהל אייער וואָס ווערען געלעגט אונטער אַ הוהן צום אויסבריהען.

set′ting-board *n.* (סעט'־אינג־באָורד) אַ ברעטעל, אויף וועלכען נאַטוראַליס־טען שטעכען אַן אינזעקטען מיט שפּילקעס.

set′ting-cir′cle *n.* (סעט'־אינג־סויר'־קל) אַ פּעררייכטונג אין אַ טעלעסקאָפּ אויסצו־געפינען אַ בעשטימטען שטערען.

set′ting-dog *n.* (סעט'־אינג־דאָג) אַ סעטער [אַזאַ יאַגד־הונד פאַר פויגעל־יאַגד].

Setting-dog

set′ting free (סעט'־אינג פריע) די פריי־לאָזונג, די בעפרייאונג.

set′ting-pole *n.* (סעט'־אינג־פּאָול) אַ שטאַנג, מיט וועלכען מען שטופּט אַ שיף איבער'ן טייך.

set′ting-rule *n.* (סעט'־אינג־רוהל) אַ זעצ־ליניע [פאַר שריפט־זאַץ]. ז. ***composing-rule***.

set′ting-stick *n.* (סעט'־אינג־סטיק) ז. ***composing-stick***.

set′tle *v. and n.* (סעטל) זעצען, פעסט־זעצען; בעשטימען, בעשליסען; עטאַבלי־רען, שטעלען אין אַ בעשטימטער לאַגע אדער אָמט; בערוהיגען, שטיל מאַכען; לאָזען זיך אַבזעצען [ווי מוטנע וואַסער], קלאָר מאַכען [אַ פליסיגקייט]; האַרט מאַ־כען [ווי אַ וועג, איבער וועלכען מען זאָל קענען פאָהרען]; בעצאָהלען, קוויטירען, סלוק'ען [אַ חוב]; בעשטימען דעם נוסח [פון אַ שריפטליכען דאָקומענט]; בעזע־צען מיט מענשען, קאָלאָניזירען; קלאָר ווערען; זיך אויסלייטערען [פון וואָל־קענס]; זיך אַבזעצען, זינקען צום דעק; זיך אַרונטערלאָזען פון פליהען; זיך בע־רוהיגען; זיך בעזעצען אין אַ בעשטימ־טען אָרט; אַריינגעהן אין בעשטימטע פער־העלטניסע; קומען צו אַ בעשלוס; אַראַנ־זשירען, בריינגען אין אָרדנונג; בעשטי־מען [אַ צייט]; אויסגלייכען אַ שטריי־טיגקייט, בריינגען צו אַ פּשרה; ליקווי־דירען [אַ חוב]; אַ לאַנגע באַנק מיט אַ וואַנטעל, אַ זיץ־באַנק; אַ טייל פון אַ פּלאַטפאָרם, וועלכער איז נידריגער איידער אַן אַנדערער טייל.

set′tle a job (סעטל ע דזשאָב) דורכ־פיהרען אַן עסק, מאַכען אַ פּשרה.

set′tle a ques′tion (סעטל ע קהוועס־טשאָן) פּערענטפּערען אַ פראַגע; ענטשיי־דען אַ פראַגע.

set′tle-bed *n.* (סעט'ל־בעד) אַ בעט וואָס לעגט זיך צונויף און בעקומט די פאָרם פון אַ זאָפע אדער דיוואַן; אַ קליין בעט מיט אַ באַלדאַכין פון אויבען.

set′tled *a.* (סעטלד) 1. פעסטגעזעצט; שטייף; 2. בעשטימט, בעשלאָסען; 3. רו־היג, געזעצט, אנשטענדיג; ערנסט; וויכ־טיג; 4. גע'סלוק'ט, אויסגעגליכען [אַ בא־לאַנס, אַ חוב].

1. I have **settled** convictions on the subject. 3. Having married he began to lead a **settled** life.

set′tled convic′tion (סעטלד קאָנ־וויק'־שאָן) אַ פעסטע איבערצייגונג.

set′tledness *n.* (סעט'־לד־נעס) די פעס־טיגקייט, בעשטימטהייט; אַ רוהיגער צו־שטאַנד.

set′tlement *n.* (סעט'־ל־מענט) דאָס בע־זעצען זיך; דאָס פעסטזעצען; דאָס איינ־אָרדנען זיך אין לעבען, דאָס פערזאָרגען זיך [מיט אַ פאַמיליע, מיט אַ געשעפט א. ד. ג.]; דאָס בעזעצען מיט מענשען, דאָס קאָלאָניזירען; אַ לאַנד וואָס איז

ערשט קאלאניזירט געווארען; א קאלאניע; דאס איינשטעלען א גלח אין זיין קירכען-אמט; דאס בעשטימטע וואהנ-ארט פון א פערזאן; די בעריכטיגונג, די אויסגלייכונג [פון געזעלשאפטליכע עסקים און ענינים]; אין געזעצגעבונג — די קוויטירונג, די בע-צאהלונג; דאס בעשטימען וועגען דעם פער-מעגען אדער אייגענטום פון א פערזאן ווי עס צו פערטיילען נאך זיין טויט אדער אין אנדערע פעלע.

set′tler *n.* (סעט′-לער) 1. דער איינזידלער, דער קאלאניסט; 2. דאס וואס ענט-שיידעט עפעס.

2. His last blow was a settler.

set′tle the land (סעטל טהי לענד) זיך דערוויטערען פון ברעג, פערלירען דאס לאנד פון די אויגען [ווי ווען א שיף פאהרט אב פון ברעג].

set′tle to some′thing (סעטל טו סאמ′-טהינג) זיך ענטשליסען אויף עטוואס.

set′tling *n.* (סעט′-לינג) דאס זעצען, דאס פעסטזעצען אדער פעסטשטעלען; דאס קאלאניזירען; דאס אויסגלייכען, דאס קוויטירען, דאס מאכען שוה-בשוה.

set′tling-day *n.* (סעט′-לינג-דיי) דער טאג וואס ווערט בעשטימט אין א געשעפט און בעזונדערס אויף דער בערזע אבצו-רעכענען זיך און קוויטירען אלע חשבונות.

set′tlings *n.* (סעט′-לינגז) דער אבזאץ, דאס וואס זעצט זיך אב [ווי פון א פליסיג-קייט].

set′tlor *n.* (סעט′-לאר) דער וואס בע-שטימט עפעס וועגען זיין אייגענטום, ווי אזוי עס דארף פאנאנדערגעטיילט ווערען נאך זיין טויט אדער ביי אנדערע פעלע.

set′-to′ *n.* (סעט′-טו′) א שטרייט, א קריעג, א צאנקעריי; א געשלעג.

set to (סעט טו) צוזעצען, צוטרעטען צו עפעס.

set to mu′sic (סעט טו מיו′-זיק) צופאס-סען צו מוזיק, קאמפאנירען; פערפאסען א מעלאדיע צו די ווערטער פון א ליעד.

set to rights (סעט טו ראיטס) ברייג-גען אין ארדנונג; ברייגגען אין גארמא-לען צושטאנד.

set to work (סעט טו וואירק) זיך נעהמען צו דער ארבייט; אנפאנגען אן ארבייט.

set′-trap *n.* (סעט′-טרעפ) א פאסטקע מיט א פרוזשינע [צו כאפען חיות].

set′ula *n.* (סעט′-יו-לא) א קליינע בארשט-האר, א קליינעס שטייפעס הערעל.

set′ule *n.* (סעט′-יול) .ז *setula*

set′ulose *a.* (סעט′-יו-לאוס) בעדעקט אדער בעוואקסען מיט קליינע בארשט-האר.

set up (סעט אפ) אויפזעצען, אויפשטע-לען; אויסמושטירען [א סאלדאט]; אנ-הויבען [א נייע אונטערנעהמונג]; גרינ-דען אדער אויפבויען עפעס; בעזארגען מיט עפעס, אויסשטאטען; אויפהויבען צו א העכערען ראנג; ארויסשטעלען; אויפ-הויבען דאס קול; פארלעגען עפעס צום בעטראכטען, ארויסטרעטען מיט א נייער לעהרע; שטעלען אויף די פיס, צוגעבען מוטה; דערפרעהען, מאכען מונטער; אויפ-זעצען [דרוק-שריפט]; ארויסברייגגען, פראדוצירען; שטעלען אן אינסטרומענט אויף זיין געשטעל; פרעטענדירען אויף עפעס, האבען פרעטענזיעס.

set′-up *n.* (סעט′-אפ) דער געבוי, די פארם, דאס אויסזעהן; אין ביליארד-שפיעל — א גוטע לאגע פון די באלען; א הוליאנקע; כבוד, דאס מכבד זיין.

set up in busi′ness (סעט אפ אין ביז′-נעס) אנפאנגען האנדלען; עטאבלי-רען א געשעפט.

set upon′ (סעט א-פאן′) 1. אנפאנגען א געשעפט; 2. אנפאלען, מאכען אן אטאקע.

2. They all set upon him at once.

set′wall *n.* (סעט′-הוואהל) וואלעריאן אדער באלדריאן [אזא גראז מיט קליינע רויטע בלימהעז. פון וואר-צעל פון דיעזען גראז ווערען געמאכט באל-דריאן אדער וואלע-ריאן-טראפענס צו שטי-לען נערוועז-אויפרע-גונג].

Setwall

sev′en *a. and n.* (סעווען) זיבען; די צאהל זיבען.

sev′en-day fe′ver (סעוו′ן-דיי פי′-ווער) זיבען-טאגעדיגע קדחת [פיבער וועלכער לאזט אב און קומט צוריק יעדען זיבעטען טאג].

sev′en dead′ly sins (סעווען דעד′-לי סינז) די זיבען טויט-זינד [די זיבען זינד: גאוה, כעס, קנאה, תאוה, גיערינגקייט אדער האבזוכט, פרעסעריי און פוילקייט, וועלכע טויטען די נשמה לויט דער קא-טוילישער רעליגיאן].

sev′en do′lors of Ma′ry (סעווען דאו′-לארז אוו מיי′-רי) די זיבען פאסירונגען אין דעם לעבען פון דער הייליגער מאריע, אויף וועלכע די קאטוילישע רעליגיאן האט ספעציעלע תפלות.

sev′enfold *a. and adv.* (סעוו′נ-פאולד) זיבען-פאך; זיבען מאל אזוי פיעל; וואס בעשטעהט פון זיבען אדער פון זיבען טיי-לען.

sev′en lib′eral arts (סעווען ליב′-ע-רעל ארטס) די שבע חכמות [די זיבען ווי-סענשאפטען: גראמאטיק, רעטאריק, לא-גיק, אריטמעטיק, געאמעטריע, אסטראנא-מיע און מוזיק, לויט ווי מען האט זיי פארצייטען שטודירט אין די אוניווערזי-טעטען].

sev′ennight *n.* (סעוו′נ-נאיט) זיבען מעת לעת [א וואך].

sev′en sag′es (סעווען סיידזש′-עז) די זיבען חכמי יון [סאלאן, טהאלעס, כילאן, ביאס, קלעאבולוס, פעריאנדער און פיטא-קוס].

sev′enscore *n. and a.* (סעוו′נ-סקאור) זיבען מאל צוואנציג; הונדערט און פיער-ציג.

sev′en-shoo′ter *n.* (סעוו′נ-שוה′-טער) א זיבען-לויפיגער רעוואלווער [א רעוואל-ווער וועלכער מען קען לאדען מיט זיבען קוילען מיט אמאל].

sev′en slee′pers (סעווען סליע′-פערז) די זיבען שלעפער [די זיבען יונגען, וועלכע זיינען, לויט דער קריסטליכער לעגענדע, אנטלאפען פון די פערפאלגונגען פון דעם קעניג דעציוס פון עפעזוס און האבען זיך בעהאלטען אין א הייל וואו זיי האבען אב-געשלאפען ארום 300 יאהר און האבען ער-וואכט ווען קריסטענטום איז געווארען די הערשענדע רעליגיאן אין לאנד].

sev′en stars (סעווען סטאהרז) די זיבען פלעיאדען [אין דער גריכישער מיטאלא-גיע — די זיבען טעכטער פון אטלאס וועל-כע צעאוס האט פערוואנדעלט אין שטע-רען]; אין דער פארצייטיגער אסטראנא-מיע — די זיבען פלאנעטען: די זון, די לבנה, מערקור, ווענוס, מארס, יופיטער און סאטורן.

sev′enteen′ *a. and n.* (סעוו′נ-טיען) זיבעצעהן; די צאהל זיבעצעהן.

sev′enteenth′ *a. and n.* (סעוו′נ-טיענטה) וואס איז דער זיבעצעהנטער, דער זיבעצעהנטער; א זיבעצעהנטעל.

sev′enth *a. and n.* (סעוו′נטה) וואס איז דער זיבעטער, דער זיבעטער; א זיבענ-טעל; אין מוזיק — די סעפטימע, דער זיבעטער טאן, דער טאן פאר דער אק-טאווע.

Sev′enth-day *a.* (סעוו′נטה-דיי) וואס היט אב שבת; וואס איז שייך צו שבת.

sev′enthly *adv.* (סעוו′נטה-לי) זיבעטענס.

sev′entieth *a. and n.* (סעוו′נ-טי-עטה) וואס איז דער זיבעציגסטער; וואס איז א זיבציגסטעל; דער זיבעציגסטער; א זיב-ציגסטעל.

sev′enty *a. and n.* (סעוו′נ-טי) זיבציג; די צאהל זיבציג.

sev′entyfold *a. and adv.* (סעוו′נ-טי-פאולד) זיבציג-פאך; זיבציג מאל אזוי פיעל.

sev′enty-four′ *n.* (סעוו′נ-טי-פאור′) א קריעגס-שיף מיט פיער און זיבציג קאנא-נען.

sev′en-up′ *n.* (סעוו′נ-אפ′) אזא אמערי-קאנער קארטען-שפיעל.

sev′en won′ders of the world (סעווען וואנ′-דערז אוו טהי וואירלד) די זיבען וועלט-וואונדער [די זיבען וואונ-דער-געביידען פון דעם קלאסישען אלטער-טום, ווי די עגיפטישע פיראמידען, דאס מאוזאלעאום (א געביידע אויף א קבר) פון האליקארנאסוס, דער טעמפעל פון דער געטין ארטעמיס אין עפעזוס, די מויער-וואנד און די הענגענדע גערטנער פון בבל, די ריזיגע סטאטוע פון דעם גאט העליאס אויף דעם אינזעל ראדאס, די סטאטוע פון גאט צעאוס אין דעם גרויסען טעמפעל אין אלימפיא און דער לייכט-טורם אין אלעק-סאנדריא].

sev′er *v.* (סעוו′-ער) טרענען, אבזונדערען, אבטיילען, אבשיידען; פאנאנדערטרייסען; אונטערשיידען; מאכען אן אונטערשיעד; זיך אבטיילען, זיך אבזונדערען; האנדלען בעזונדער אדער אונאבהענגיג.

sev′erable *a.* (סעוו′-ער-עבל) טרענבאר, שיידבאר; וואס קען ווערען געשיעדען אדער אבגעזונדערט.

sev′eral *a. and n.* (סעוו′-ער-על) עט-ליכע, מעהרערע; פערשיעדענע; בעזונדע-רע; בעזונדער; אזא פרויען-מלבוש וואס קען בענוצט ווערען פאר פערשיעדענע צוועקען.

sev′erally *adv.* (סעוו′-ער-על-אי) בע-זונדער.

sev′eralty *n.* (סעוו′-ער-על-טי) דאס זיין אבגעטיילט פון דאס אנדערע; אבגע-טיילטקייט, אבגעזונדערטקייט [בעזונדערס וועגען לאנד-אייגענטום].

sev′erance *n.* (סעוו′-ער-ענס) אבזונדע-רונג, שיידונג, טיילונג.

severe′ *a.* (סי-וויער′) זעהר שטרענג; ערנסט; העפטיג, גרויזאם; שטרענג אבגע-היט אדער אויסגעהאלטען; גענוי, רעגעל-מעסיג; שארף, שטארק [וועגען שמערץ, וועטער א. ד. ג.]; שווער אויסצוהאלטען.

severe′ly *adv.* (סי-וויער′-לי) אויף א שטרענגען אדער העפטיגען אופן; זעהר ערנסט; גרויזאם; שארף, שטארק [ווע-גען שמערץ, וועטער א. ד. ג.]; שווער אויסצוהאלטען; גענוי, רעגעלמעסיג; שטרענג אויסגעהאלטען.

severe′ness *n.* (סי-וויער′-נעס) .ז *severity*

sever'ity *n.* (סי-ווער'-אי-טי) שטרענגקייט; ערנסטקייט; גרויזאמקייט; העפטיגקייט; שארפקייט, שטארקייט [פון שמערץ, וועטער א. ד. ג.]; שטרענגע פינקטליכקייט, גענויהייט; שווערקייט אויסצוהאלטען.

sew *v.* (סאו) נעהען; צונויפנעהען; בלייבען זיצען אויף'ן גרונד [וועגען א שיף. ז. ***sewed up***].

sew'age *n. and v.* (סיו'-עדזש) אבגוס־וואסער און אבפאל וואס געהט דורך אבצוגס־קאנאלען; קאנאליזיאציאן, אבצוגס־קאנאלען; בעוזארגען מיט אבצוגס־קאנאלען; פרוכטבאר מאכען לאנד דורך דעם געברויך פון קאנאליזאציאן.

sewed up (סאוד אפ) אויף'ן גרונד געזעצט [וועגען א שיף]; געבראכט צו א שטילשטאנד; רואינירט; בעטרונקען, בעטויבט, צוטומעלט; פערנעהט; ארומגענעהט.

sewel'lel *n.* (סי-הוועל'-על) אזא אמעריקאניש חיה'לע עהנליך צו דער שנויץ־מויז [ז. ***muskrat***] אהן אן עק.

sew'er *n.* (סאו'-ער) א נעהער, איינער וואס נעהט.

sew'er *n. and v.* (סיו'-ער) אן אבצוגס־קאנאל [א קאנאל אונטער דער ערד אבצוציהען דאס וואסער און שמוץ פון די גאסען]; אבציהען דאס וואסער דורך אבצוגס־קאנאלען; בעוזארגען מיט אבצוגס־קאנאלען.

sew'erage *n.* (סיו'-ער-עדזש) קאנאליזאציאן, אן אבצוגס־קאנאל סיסטעם; דאס אבציהען אבגוס־וואסער און שמוץ דורך אבצוגס־קאנאלען; די שמוץ וואס לויפט אב דורך אן אבצוגס־קאנאל.

sew'erman *n.* (סיו'-ער-מען) איינער וואס ארבייט ביי אבצוגס־קאנאלען.

sew'er-pipe *n.* (סיו'-ער-פאיפ) א קאנאליזאציאנס־ראהר [א ראהר פון אן אבצוגס־קאנאל].

sew'ing *n.* (סאו'-אינג) דאס נעהען; נעה־ארבייט, גענעה.

sew'ing-cir'cle *n.* (סאו'-אינג-סויר'קל) א געזעלשאפט פון פרויען וואס קומען זיך צונויף רעגולאר צו נעהען זאכען פאר רעליגיעזע און צדקה־אנשטאלטען.

sew'ing-clamp *n.* (סאו'-אינג-קלעמפ) אזא קלאמער מיט וועלכען עס ווערט פעסטגעהאלטען דער שטאף וואס ווערט גענעהט.

sew'ing-cot'ton *n.* (סאו'-אינג-קאט'ן) נעה־באוועל, נעה־פאדים.

sew'ing-machine' *n.* (סאו'-אינג-מע-שין') א נעה־מאשין.

sew'ing-nee'dle *n.* (סאו'-אינג-ניע'דל) א נעה־נאדעל.

sew'ing-press *n.* (סאו'-אינג-פרעס) ביי בוכבינדער — א ראהם צום איינגנעהען ביכער.

sew'ing-silk *n.* (סאו'-אינג-סילק) נעה־זייד, זייד־פאדים צום נעהען אדער אויסנעהען.

sew'ing-ta'ble *n.* (סאו'-אינג-טיי'בל) א נעה־טיש, א שניידער־טיש; א טיש צום איינגנעהען ביכער [ביי בוכבינדער].

sewn (סאון) גענעהט. ז. ***sew***

sew up (סאו אפ) צונעהען, פערנעהען, צוזאמענגנעהען, איינגנעהען, ארומנעהען.

sew up one's stock'ing (סאו אפ הוואנז סטאק'-אינג) פערשטאפען אימעצען דאס מויל, אב'פטר'ען, מאכען צו שווייגען.

sex *n. and v.* (סעקס) דאס געשלעכט, דער מין [מין זכר אדער מין נקבה]; דאס ווייבליכע געשלעכט, ווייבער, פרויען; בעצייכענען דאס געשלעכט.

sexadec'imal *a.* (סעק-סע-דעס'-אי-מעל) זעכצעהנטער; וואס בעציהט זיך אויף זעכצעהן.

sexag'ecuple *a.* (סעק-סעדזש'-ע-קיופל) וואס קומט פאר אין זעכציגער.

sexag'enal *a.* (סעק-סעדזש'-ע-נעל) ז. ***sexagenary***

sexagena'rian *a. and n.* (סעק-סע-דזשע-ניי'-רי-ען) זעכציג־יעהריג; א זעכציג־יעהריגע פערזאן.

sexag'enary *a. and n.* (סעק-סעדזש'-ע-ניי-רי) פון זעכציג; זעכציג־יעהריג; א זעכציג־יעהריגער; א זאך וואס איז צונויפגעשטעלט פון זעכציג טיילען.

sex'agene *n.* (סעק'-סע-דזשין) א בויגען אדער ווינקעל פון 60 גראד, א זעקסטעל פון א קרייז.

Sexages'ima *n.* (סעק-סע-דזשעס'-אי-מא) דער זונטאג סעקסאגעסימא [דער צווייטער זונטאג פאר דער קריסטליכער פאסט־צייט].

sexages'imal *a. and n.* (סעק-סע-דזשעס'-אי-מעל) וואס בעציהט זיך אדער איז בעגרינדעט אויף דער צאהל זעכציג; א זעכציגסטעל.

sexages'imally *adv.* (סעק-סע-דזשעס'-אי-מעל-אי) דורך זעכציגסטלעך.

Sexages'ima Sun'day (סעק-סע-דזשעס'-אי-מא סאנ'-דיי) ז. ***Sexagesima***

sex'agesm *n.* (סעק'-סע-דזשעסם) א זעכציגסטעל.

sex'angle *n.* (סעקס'-ענגל) א זעקס־עק, א זעקס־עקיגע פיגור.

sex'angled *a.* (סעקס'-ענגלד) ז. ***sexangular***

sexan'gular *a.* (סעקס-ענ'-גיו-לאר) זעקס־עקיג, זעקס־ווינקעלדיג.

sexan'gularly *adv.* (סעקס-ענ'-גיו-לאר-לי) מיט זעקס ווינקלען.

sexa'tion *n.* (סעק-סיי'-שאן) די אבשטאמונג דורך געשלעכטליכער פארונג.

sexcen'tenary *a. and n.* (סעק-סענ'-טע-ניי-רי) זעקס־הונדערטדיג; זעקס־הונדערט־יעהריג; א משך פון זעקס הונדערט יאהר; א זעקס־הונדערט־יעהריגער יובילעאום אדער פעסט־טאג.

sexdig'itate *a.* (סעקס-דידזש'-אי-טייט) זעקס־פינגערדיג, וואס האט צו זעקס פינגער אין א האנד אדער אין א פוס.

sexdig'itism *n.* (סעקס-דידזש'-אי-טיזם) דאס האבען זעקס פינגער אויף'ן פוס אדער אויף דער האנד.

sexdig'itist *n.* (סעקס-דידזש'-אי-טיסט) א פערזאן וואס האט צו זעקס פינגער אין א האנד אדער אין א פוס.

sexed *a.* (סעקסט) וואס איז פון א בעשטימטען געשלעכט; וואס האט די אייגענשאפטען פון א בעשטימטען געשלעכט.

sexen'nial *a. and n.* (סעקס-ענ'-אי-על) זעקס־יעהריג, זעקס־יעהרליך; וואס פאסירט איין מאל אין זעקס יאהר; א זעקס־יעהריגער יובילעאום, א זעקס־יעהריגער יאהרעס־פעסט.

sexen'nially *adv.* (סעקס-ענ'-אי-על-אי) יעדע זעקס יאהר, איין מאל אין זעקס יאהר.

sex'fid *a.* (סעקס'-פיד) זעקס־שפאלטיג [וועגען פלאנצען].

sex'foil *n.* (סעקס'-פאיל) א פלאנצע אדער בלום מיט זעקס בלעטער; אן ארכיטעקטור־פערציערונג, וועלכע בעשטעהט פון זעקס קרייזען אדער זעקס בלעטער.

sex'ifid *a.* (סעק'-סי-פיד) ז. ***sexfid***

sexil'lion *n.* (סעק-סיל'-יאן) א סעקסטיליאן. ז. ***sextillion***

sexisyllab'ic *a.* (סעק-סי-סי-לעב'-איק) זעקס־זילביג; וואס האט זעקס זילבען [וועגען א ווארט].

sex'isyllable *n.* (סעק'-סי-סיל-עבל) א ווארט פון זעקס זילבען.

sex'less *a.* (סעקס'-לעס) געשלעכטסלאז, נים ווייבליך נים מענליך.

sex'lessness *n.* (סעקס'-לעס-נעס) געשלעכטסלאזיגקייט, דאס זיין נים מענליך און נים ווייבליך.

sexloc'ular *a.* (סעקס-לאק'-יו-לאר) אין באטאניק — וואס האט זעקס צעלען אדער קעמערלעך [וואו די זאמען געפינען זיך].

sexra'diate *a.* (סעקס-ריי'-די-אייט) וואס האט זעקס שטראהלען אדער פינגער [ווי געוויסען שטערן־פיש].

sext *n.* (סעקסט) אין מוזיק — אן אינטערוואל פון זעקס טענער; אין די קריסטליכע קירכען — די תפלות פון דער זעקסטער שטונדע, די מיטאגדיגע עבודה.

sex'tain *n.* (סעקס'-טיין) א פערז אדער סטראפע פון זעקס שורות אין א געדיכט.

sex'tan *a.* (סעקס'-טען) וואס פאסירט יעדע זעקס טעג.

sex'tans *n.* (סעקס'-טענז) אין אלטען רוים — א סעקסטאנס [א קליינע בראנזענע מטבע אין דעם ווערטה פון א זעקסטעל פון אן אס].

sex'tant *n.* (סעקס'-טענט) א סעקסטאנט [אן אסטראנאמישער אינסטרומענט מיט א סקאלע פון 60 גראד, א זעקסטעל פון א קרייז וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די הויכקייט פון די שטערן פון האריזאנט אדער צו מעסטען די ווינקלען וואס די זונען־שטראהלען בילדען מיט דער אויבערפלעכע פון דער ערד. דיעזער אינסטרומענט איז זעהר וויכטיג פאר געאגראפישע פארשונגען]; א זעקסטעל פון א קרייז [זעכציג גראד].



Sextant

sex'tantal *a.* (סעקס'-טענ-טעל) וואס איז שייך צו א סעקסטאנס. ז. ***sextans***

sexta'rius *n.* (סעקס-טיי'-רי-אס) א פארצייטיגע רוימישע פליסיגקייטס־מאס וואס איז גלייך צו 1⅐ אמעריקאנער פאינט [עטוואס מעהר פון א האלבער קווארט].

sex'tary *n.* (סעקס'-טיי-רי) ז. ***sextarius***

sexte *n.* (סעקסט) ז. ***sext***

sexten'nial *a.* (סעקס-טענ'-אי-על) וואס קומט פאר אין יעדען זעקסטען יאהר.

sextet' *n.* (סעקס-טעט') א סעקסטעט, א זעקס־שטימיגע מוזיק־שטיק; א זינגער אדער שפיעלער־קאמפאניע פון זעקס פערזאן.

sextette' *n.* (סעקס-טעט') ז. ***sextet***

sextet'to *n.* (סעקס-טעט'-טא) ז. ***sextet***

sex'tic *a. and n.* (סעקס'-טיק) פון זעקסטען גראד, פון זעקסטער ארדנונג; א מאטעמאטישע גלייכונג פון זעקסטער ארדנונג.

sex'tile *a.* (סעקס'-טיל) וואס בעצייכענט די פאזיציאן פון צוויי פלאנעטען וועלכע געפינען זיך 60 גראד ווייט איינער פון אנדערען.

sextil'lion *n. and a.* (סעקס-טיל'-יאן) א סעקסטיליאן [טויזענד געראפעלט 7 מאל אויף זיך אליין וואס שטעלט פאר א צאהל פון 1 מיט 21 נולען, אדער א מיליאן געדא־

פעלט 6 מאל אויף זיך אליין וואס שטעלט פאר א צאהל פון 1 מיט 36 נולען]; וואס שטעלט צונויף די צאהל פון א סעקסטעליאן.

sex'tipartite *a.* (סעקס'-טי-פאר-טאיט) זעקס-טייליג, געמאכט אין זעקס טיילען.

sex'tiply *v.* (סעקס'-טי-פלאי) דאפלען אויף זעקס, זעקספאך דאפלען.

sex'to *n.* (סעקס'-טאו) א זעקסטעל-פארמאט, א בוך פון א זעקסטעל-פארמאט [ווען די בלעטער זיינען א זעקסטעל פון א בויגען].

sex'to-dec'imo *n.* (סעקס'-טאו-דעס-אי-מאו) א זעכצעהנטעל-פארמאט [א בויגען פאפיער, ווען ער איז געקנייטשט אין 16 בלעטער].

sex'ton *n.* (סעקס'-טאן) א קירכען-דיענער; א טויטען-גרעבער, א קברים-גרעבער; אזא באבעלקע [זשוק], וואס בעגראבט טויטע קערפער פון קליינע חיות אין וועלכע זי לעגט איהרע אייעלעך.

sex'tonship *n.* (סעקס'-טאנ-שיפ) דאס אמט פון א קירכען-דיענער.

sex'tuple *a. and v.* (סעקס'-טיופל) זעקספאך [זעקס מאל אזוי פיעל]; פערזעקספאכען, דאפלען דורך זעקס.

sex'tuplet *n.* (סעקס'-טיו-פלעט) א פעראייניגונג אדער קאמבינאציאן פון זעקס זאכען.

sex'tuplex *v.* (סעקס'-טיו-פלעקס) אין טעלעגראפיע — מאכען מעגליך איבערצוגעבען זעקס טעלעגראמען אדער דעפעשען אין איין צייט.

sex'ual *a.* (סעק'-שיו-על) געשלעכטליך; וואס געהערט צום געשלעכט; וואס געהערט צו די געשלעכטס-ארגאנען.

sex'ual affin'ity (סעק'-שיו-על ע-פינ'-אי-טי) די אינדיווידועלע געשלעכטליכע נייגונג [די שטארקערע געשלעכטליכע נייגונג צו בעשטימטע פערזאנען פון אנדערען געשלעכט אלס צו די איבריגע].

sex'ualist *n.* (סעק'-שיו-על-איסט) א סעקסואליסט, א באטאניקער וואס קלאסיפיצירט [טיילט איין אין קלאסען] די פלאנצען לויט זייער געשלעכט [לויט דעם סעקסואל-סיסטעם פון לינעי].

sexual'ity *n.* (סעק-שיו-על'-אי-טי) געשלעכטליכקייט.

sex'ualize *v.* (סעק'-שיו-על-איז) אבטיילען אדער צוטיילען לויט דעם געשלעכט.

sex'ually *adv.* (סעק'-שיו-על-אי) לויט געשלעכט, אין געשלעכטליכער בעציהונג.

sex'ual or'gans (סעק'-שיו-על אהר'-גענז) די געשלעכטליכע ארגאנען.

sex'ual reproduc'tion (סעק'-שיו-על רי-פרא-דאק'-שאן) פרוכטבארקייט דורך געשלעכטליכער פארונג.

sex'ual selec'tion (סעק'-שיו-על סי-לעק'-שאן) די נאטירליכע געשלעכטליכע אבקלייבונג [די טעאריע, דאס די שעהנערע אדער שטארקערע פון דעם מין האבען א גרעסערע געשלעכטליכע צוציהונגס-קראפט און דיעזע טהאטזאכע האט אזא ווירקונג אויף די ניי-געבארענע דורות, דאס אין א משך פון צייט ווערט געענדערט אין גאנצען דאס אויסזעהן פון דיעזען מין חיות].

sex'ual sys'tem (סעק'-שיו-על סיס'-טעם) די געשלעכטליכע ארגאנען; דאס סעקסועלע סיסטעם [דאס סיסטעם צו איינטיילען די פלאנצען אין ווייבליכען און מענליכען געשלעכט, ווי דער נאטור-פארשער לינעי האט עס געטהאן].

sfoga'to *a.* (ספא-גא'-טא) אין מוזיק — זעהר דין [ווי זעהר א דינע שטימע].

sforzan'do *a.* (ספאר-טסאנ'-דא) אין מוזיק — מיט נאכדרוק, מיט מאכט, מיט א פלעצליכער שטארקער אדער ענערגישער בעטאנונג.

sforza'to *a.* (ספאר-טסא'-טא) ז. *sforzando*.

sfregaz'zi *n.* (ספרע-גאט'-סי) אין אויל-מאלעריי — א געוויסע פארם פון מאכען שאטענס אויף טיילען פון א בילד, בעדעקענדיג זיי מיט א דינעם דורכזיכטיגען פארבען-שיכט.

sfuma'to *a.* (ספו-מא'-טא) אין אויל-מאלעריי — בעדעקט ווי מיט רויך [אן ארט מאלען, וואו די שטריכען זעהען זיך ניט בולט ארויס].

sh. פערקירצונג פון *shilling*

shab *n. and v.* (שעב) א מין קרעץ ביי שעפסען; קראצען [ווי א הונד אדער א קאץ קראצען זיך אליין]; אבטהאן א געמיינע שטוקע.

shab'bily *adv.* (שעב'-אי-לי) לומפיג, געמיין, נידריג, ארים, עלענד.

The visitor was **shabbily** dressed.

shab'biness *n.* (שעב'-אי-נעס) לומפיגקייט, געמיינהייט; ארימקייט, נידריגקייט.

shab'by *a.* (שעב'-אי) לומפיג, געמיין, נידריג, ארים; קרעציג, פארכיג.

shab'by-genteel' *a.* (שעב'-אי-דזשענ-טיעל') אין זיידענע שמאטעס; מיט סמנים פון אמאליגען רייכטום אין זיינע איצטיגע לומפען; וואס האלט זיך פאר אן אדעלמאן כאטש אין דער ווירקליכקייט איז ער א לומפ.

shab off (שעב אף) פטור ווערען פון עפעס.

shab'rack *n.* (שעב'-רעק) א זאטעלדעקע [א דעקע פאר א פערד וואס ווערט אונטערגעלעגט אונטער'ן זאטעל].

shack *v. and n.* (שעק) אראבפאלען, ארויספאלען [ווי קערנער פון צייטיגע זאנגען]; זיך פיטערען אויף אן אבגעשניטענעם פעלד; ארומשלעפען זיך, ארומוואנדערען פון ארט צו ארט; אראבגעפאלענע קערנער [ווי פון אבגעשניטענע זאנגען]; א הייזעל וואס איז געבויט פון ניט-ארומגעהאקטע קלעצער.

shack'le *n. and v.* (שעקל) א פערבינדונגס-רינג אדער אן אויסגעבויגען שטיקעל אייזען, וואס דיענט צו פעראייניגען צוויי קייטען א. ד. ג.; עפעס וואס בינדט, פענטעט אדער שטערט; אנטהאן קייטען; ארויפלעגען א פענטע, פערפענטען; שטערען; פעראייניגען מיט א פערבינדונגס-רינג.

shack'le-bolt *n.* (שעק'ל-באולט) א באלצען, ביי וועלכען איין ענד איז אויסגעבויגען ווי א קרוטשאק.

shack'les *n.* (שעקלז) קייטען; הינדערניסע, שטערונגען.

shack'ling *a.* (שעק'-לינג) שאקלענד, וואקלענד, וויעגענד.

shack'ly *a.* (שעק'-לי) זיך שאקלענד, זיך וואקלענד; שוואך אין געזונד.

shad *n.* (שעד) דער מאי-פיש אדער מוטער-הערינג [א מין אמעריקאנער זעהר געשמאקער פיש]. ז. איל. *"Fishes"*

shad'-bel'lied *a.* (שעד'-בעל'-איד) מיט א ווייניג-ארויסגעשטארצטען בויך.

He is a **shad-bellied** person.

shad'dock *n.* (שעד'-אק) דער שעדאק [א פרוכט פון א טראפישען בוים, וואס איז עהנליך צו אן אפעלסין]; דער שעדאק-בוים.

shade *n. and v.* (שייד) א שאטען; א טונקעלקייט; אן ארט וואס איז בעדעקט מיט א שאטען; אן איינזאמער, פערבארגענער פלאץ; א שוץ; א שאטירונג; א קלייניגקייט; דער שאטען פון א מענשען; א רוח, א נשמה; א לאדען פון א פענסטער, דאס לעדעל פון אויג; א לאמפ-שירם, א קאלפאק; א פארהאנג אויף א פענסטער; בעדעקען מיט א שאטען; בעשיצען, בעהאלטען; שאטירען, צוגעבען שאטען.

sha'ded *a.* (שיי'-דעד) מיט שאטירונגען; בעדעקט מיט א שירם אדער שאטען.

shade'ful *a.* (שייד'-פול) שאטענדיג, רייך מיט שאטען.

shade'less *a.* (שייד'-לעס) שאטענלאז, אהן א שאטען.

sha'der *n.* (שיי'-דער) דער אדער דאס וואס פערטונקעלט אדער פערציהט מיט א שאטען.

shade'-roll'er *n.* (שייד'-ראול'-ער) א רונד שטעקעל מיט א פרוזשינע, אויף וועלכען עס דרעהט זיך ארויף דער פארהאנג פון א פענסטער.

shades *n.* (שיידז) די רוחות, די נשמות פון געשטארבענע; די אונטערוועלט; פינסטערניש.

sha'dily *adv.* (שיי'-די-לי) שאטענדיג.

sha'diness *n.* (שיי'-די-נעס) שאטענדיגקייט.

sha'ding *n.* (שיי'-דינג) די בעשאטענונג; שאטירונג, דער שאטען.

shadoof' *n.* (שע-דוהף') אזא פארריכטונג צו שעפען וואסער אין עגיפטען און אנדערע מזרח-לענדער.

shad'ow *n. and v.* (שעד'-או) א שאטען, א טונקעלער אבשיין; עפעס וואס פאלגט נאך א מענשען אדער זאך ווי א שאטען; א בילד פון עפעס, א פארטרעט; געהיימע אדער מיסטישע צייכענס; א טונקעלע פארשטעלונג; זעהר א קליינער אדער שוואכער שטריך; א פערקליידונג, א פערשטעלונג [אז מען זאל ניט ארויסזעהן דעם ריכטיגען אינהאלט]; אן אונרעאלע זאך, עפעס וואס איז בעשאפען געווארען נור פון דער פארשטעלונג אדער איינבילדונג; א פאנטאם, א גייסט, א רוח; א פערדעקטער אדער פערבארגענער ארט, א רוה-פלאץ; אבזונדערונג, איינזאמקייט, רוה; שוץ, פערזיכערונג; א פיערקאנטיגער זעגעל אויף א יאכט; בעציהען מיט א שאטען, פערפינסטערען, מאכען טונקעל; שאטירען; פערדעקען, פערבארגען, בעהאלטען; נאכפאלגען נאך אימעצען אדער עפעס ווי א שאטען.

shad'ow-bird *n.* (שעד'-או-בוירד) אזא גרויסער אפריקאנישער פויגעל מיט א ברייטען שנאבעל און מיט ארויסגעשטארצטע פעדערען הינטער'ן קאפ.

shad'owed *a.* (שעד'-אוד) שאטענדיג, טונקעל; נאכגעשפיאנירט.

shad'ow-fig'ure *n.* (שעד'-או-פיג'-יור) א סילועט. ז. *silhouette*.

shad'owgraph *n. and v.* (שעד'-או-גרעף) א שאטען-בילד אויף א בעלויכטעטען לייווענד; א ראדיאגראף, א פאטאגראף וואס איז ארונטערגענומען דורך x-שטראהלען [רענטגען-שטראהלען]; מאכען א שאטען-בילד אויף א לייוונד; פאטאגראפירען דורך x-שטראהלען, ראדיום א. ד. ג.

shadowgraph'ic *a.* (שעד-או-גרעפ'-איק) וואס איז פאטאגראפירט געווארען

דורך x-שטראהלען [רענטגען-שטראהלען] אדער ראדיום.

shad'owgraphy *n.* (שעד'-או-גרעפ-אי) דאס מאכען שאטען-בילדער אויף א לייוועגד; דאס פאטאגראפירען דורך x-שטראהלען [רענטגען-שטראהלען], ראדיום א. ד. ג.

shad'owiness *n.* (שעד'-א-אי-נעס) די שאטענדיגקייט, די שאטענדיגע טונקעלקייט; א ניט-פעסטגעזעצטער כאראקטער, א ניט-פעסטגעזעצטע איינגענשאפט.

shad'owing *n.* (שעד'-א-אינג) שאטירונג; דאס מאכען שאטענדיג; דאס מאכען קלענער אדער גרעסער די שאטענס אויף א בילד.

shad'owless *a.* (שעד'-א-לעס) שאטענלאז, אהן א שאטען.

shad'ow of death (שעד'-או אוו דעטה) דער שאטען פון טויט; די דערנעהענטערונג פון טויט; א שרעקליכע פינסטערניש.

shad'owy *a.* (שעד'-א-אי) שאטענדיג, פול מיט שאטען, טונקעל, כמורנע, פינסטער; מיט א שוואכען אבשיין, טונקעל פארגעשטעלט; ווי א שאטען, ניט רעאל, ניט וועזענטליך; פער'חלומ'ט, פערטראכט.

shad'-wai'ter *n.* (שעד'-הוויי'-טער) דער לאצמאן-פיש. ז. *pilot-fish*

sha'dy *a.* (שיי'-די) שאטענדיג; בעדעקט מיט שאטען; פון א צווייפעלהאפטער עהרליכקייט אדער ערנסטקייט.

sha'dy side (שיי'-די סאיד) די שאטענדיגע זייט, די אנדערע זייט, די צווייטע העלפט פון עלטער.

He is on the shady side of forty.

shaft *n.* (שעפט) א שאפט, א שטיעל; א וועלע, א וואל אדער אקס פון א מאשין; א פייל [פון א בויגען]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פייל; א זייל צווישען דעם פונדאמענט און דעם קאפ; דער שפיץ פון א טורעם; דער טייל פון קוימען וואס שטארצט ארויס פון דאך; דער שטאם אדער דאס שטעקעלע פון א פעדער; א הענטעל פון א געצייג; א שטיעל פון א מעסער; אן אלאבליע פון א וואגען; דער דייקסעל אדער דישעל פון א וואגען; דער שטעקען פון א שפיז; דער רעהר פון א ביקס; א שאכטע, אן עפנונג אין א קויהלען-גרוב אדער מעטאל-גרוב.

shaf'ted *a.* (שעפ'-טעד) וואס האט א שאפט. ז. *shaft*

shaft'-horse *n.* (שעפט'-האהרס) א דייקסעל אדער דישעל-פערד, א פערד וואס געהט אין געשפאן צווישען די אלאבליעס.

shaf'ting *n.* (שעפ'-טינג) א וועלען-טראנסמיסיאן [א סיסטעם פון וואלען דורך וועלכע עס ווערט איבערגעגעבען די בעוועגונג פון א מאטאר צו דער מאשינעריע].

shag *n., a. and v.* (שעג) דיקע צונויפגעקאלטענטע האר אדער וואל; די בארוועע אדער ווארסע [האר] פון טוך; האריגע צייג; א שטארקער, דין געשניטענער טאבאק; דער זעע-ראב אדער באקלאן [א זא פויגעל. ז. *cormorant*]; קאלטענעוואטע, שארסטקע, האריג; געמאכט פון האריגער צייג; מאכען שארסטקע אדער האריג; מאכען קאלטענעוואטע.

shag'bark *n.* (שעג'-בארק) א מין וואלנוס-בוים. ז. *hickory*

shag'ged *a.* (שעג'-עד) ז. *shaggy*

shag'gedness *n.* (שעג'-עד-נעס) ז. *shagginess*

shag'gily *adv.* (שעג'-אי-לי) שארסטקע, האריג, קאלטענעוואטע.

shag'giness *n.* (שעג'-אי-נעס) האריגקייט; קאלטענעוואטיגקייט; שארסטיגקייט.

shag'gy *a.* (שעג'-אי) האריג, לאנג-האריג; קאלטענעוואטע; רויה, גראב, שארסטקע.

shag'-haired *a.* (שעג'-העהרד) מיט שארסטקע אדער קאלטענעוואטע האר.

shag'ling *a.* (שעג'-לינג) וואקלענד, שאקלענד, אונזיכער.

shagreen' *n. and a.* (שע-גריען') שאגרין [א זארט שארסטקע לעדער]; די פעל פון א האיפיש; אויסגעארבייט פון שאגרין.

shagreened' *a.* (שע-גריענד') וואס האט א שארסטקע אויבערפלעכע, ווי די פעל פון א האיפיש

shah *n.* (שא) דער שאך [דער פערזישער קייזער].

sha'hi *n.* (שא'-אי) א שאהי, א פערסישע קופערנע מטבע [פון אונגעפעהר 1½ אמעריקאנער סענט].

shairl *n.* (שעהרל) א זעהר דינע צייג פון וואל פון טיבעטישע ציגען.

shake *v. and n.* (שייק) שאקלען, טרייסלען; בויטשען; אבלאזען [ווי אן אנגעצויגענעם זעגעל אדער שטריק], לאזען פלאטערען; אבשוואכען, לאזען וואקלען, מאכען אונזיכער; אויפרעגען, מאכען ציטערען; אין מוזיק — טרילערען, מאכען טרעלען; זיך טרייסלען, זיך שאקלען; דריקען די האנד [געבען שלום-עליכם]; דאס שאקלען, דאס טרייסלען; אן אויפטרייסלונג, א ציטער; קדחת; א טרעל; א רגע, א מאמענט, אן אויגענבליק; א שפאלט אין א קלאץ דורך א פלוצליכען פלאצען.

shake a cask (שייק ע קעסק) אראבשלאגען די רייפען פון א פאס און צוזאמענפאקען אלע קלעפקעס [ברעטלעך] איינאיינעם.

shake a foot (שייק ע פוט) טאנצען.

shake'-bag *n.* (שייק'-בעג) א גרויסער קאמפף-האהן. ז. *game-cock*

shake down (שייק דאון) אויפטרייסלען [א בעט]; אראבטרייסלען [פרוכטען פון א בוים].

shake'-down *n.* (שייק'-דאון) א צייטווייליגער געלעגער פון שטרוי אדער היי וואס ווערט געמאכט אויף'ן דיל [פאדלאגע]; א צייטווייליג איינגעריכטעטער געלעגער.

shake hands (שייק הענדז) בעגריסען איינעם דורך דריקען די האנד; "צושלאגען", געבען א פאטש איבער דער האנד [שליסען א מסחר].

shake hands with (שייק הענדז הוויטה) נעהמען אבשיעד; געזעגענען זיך.

sha'ken *a.* (שייקן) צוטרייסעלט, ניט אין ארדנונג; צושפאלטען, מיט שפאלטען [ווענען קלעצער].

shake one's sides (שייק הוואנז סאידז) זיך קאטשען פון געלעכטער.

sha'ker *n.* (שיי'-קער) דער טרייסלער; איינער אדער עפעס וואס טרייסעלט אויף; א מין הויז-טויב.

Sha'ker *n.* (שיי'-קער) א מיטגליעד פון א רעליגיעזער סעקטע אין אמעריקא, וועלכע מען רופט "שייקערס" צוליעב זייערע אויפגערעגטע בעוועגונגען אין דער צייט פון גאטעסדיענסט.

Sha'kerism *n.* (שיי'-קער-איזם) די לעהרע פון דער רעליגיעזער סעקטע "שייקערס". ז. *Shaker*

shake the head (שייק טהי העד) שאקלען אדער דרעהען מיט'ן קאפ אלס צייכען פון "ניין", אונצופריעדענהייט, פארוואורף א. ד. ג.

shake togeth'er (שייק טו-געטה'-ער) זיך צופאסען איינער צום אנדערען; זיין אין גוטע בעציהונגען; צוזאמענטרייסלען.

shake up (שייק אפ) אויפטרייסלען [ווי די פעדערען פון א קישען]; ווערען אויפגעטרייסעלט, ערציטערט [ווי פון אן אונערווארטעטען צוזאמענשטויס]; צוזאמענשטימען, זיין אין גוטע בעציהונגען.

shake'-up *n.* (שייק'-אפ) אן אויפטרייסלונג, אן ערציטערונג.

sha'kily *adv.* (שיי'-קי-לי) אויף א טרייסלענדען אדער ציטערענדען אופן.

sha'kiness *n.* (שיי'-קי-נעס) וואקעלדיגקייט, שאקעלדיגקייט

sha'king *n.* (שיי'-קינג) דאס ציטערען, דאס טרייסלען; די ערציטערונג.

sha'king a'gue (שיי'-קינג איי'-גיו) ווארפענדע קדחת [די ערגסטע פארם פון קדחת, ווען דעם חולה טרייסעלט פון קעלט].

shak'o *n.* (שעק'-או) א קיווער [א מין אלטפרענקישעם מיליטערישעם היטעל].

Shakspe'rian *a. and n.* (שייק-ספי'-רי-ען) וואס איז שייך צו דעם גרעסטען ענגלישען דראמאטורג שעקספיר, זיינע דראמען אדער זיין ארט שרייבען; א קענער פון שעקספיר'ס ווערק.

Shakspe'rianism *n.* (שייק-ספי'-רי-ען-איזם) עטוואס וואס איז ספעציעל שייך אדער איז ספעציעל כאראקטעריסטיש פאר שעקספיר [ווי א בעזונדערעס ווארט אדער אויסדרוק].

shak'u *n.* (שעק'-או) א יאפאנעזישע לענג-מאס פון אונגעפעהר 11¾ צאל.

shak'udo *n.* (שעק'-או-דאו) שאקודא [א יאפאנעזישע ליגאטור פון קופער מיט עטליכע פראצענט גאלד, וואס ווערט געברויכט פאר פערשיעדענע ארנאמענטען].

sha'ky *a.* (שיי'-קי) שאקעלדיג; שוואך צוזאמענגעשטעלט, פאנאנדערפאלענד; וואקעלדיג, אונזיכער; שוואך; פול מיט שפאלטען; מיט צווייפעלהאפטע פעהיגקייטען.

shale *n. and v.* (שייל) א הילז; א שאלעכץ; א מין שיפער-שטיין, וואס שפאלט זיך אין דינע פלאטען; אבשיילען, שיילען.

shall *v. and n.* (שעל) זאלען, מוזען; וועלען; דער שעל [א מין אפריקאנישער פיש].

shalloon' *n.* (שע-לוהן') שאלאן [א מין לייכטער וואלען-צייג].

shal'lop *n.* (שעל'-אפ) א מין לייכטע שיף.

shallot' *n.* (שע-לאט') שאלאט [א מין ציבעלע].

shal'low *a., n. and v.* (שעל'-או) 1. ניט טיעף; פלאך; אויבערפלעכליך; 2. ניט קיין טיעפער ארט; 3. אבפאלען, ווערען פלאך; מאכען ניט טיעף.

3. The water shallows rapidly as one approaches the bar.

shal'low-brained *a.* (שעל'-או-בריינד) אויבערפלעכליך, מיט א פוסטען קאפ, דום.

shal'low-hear'ted *a.* (שעל'-או-הארט'-טעד) מיט אויבערפלעכליכע געפיהלען; ניט פעהיג צו טיעפע געפיהלען.

shal'lowling *n.* (שעל'-א-לינג) אן אויבערפלעכליכער מענש; א נארישער יונג.

shal'lowly *adv.* (שעל'-א-לי) אויף אן אויבערפלעכליכען שטייגער.

shal'lowness *n.* (שעל'-א-נעס) פלאכקייט אדער ניט-טיעפקייט [פון א וואסער]; דומהייט; אויבערפלעכליכקייט.

shal'low-pa'ted *a.* (שעל'-או-פיי'-טער) נאריש, דום.

sham *v., n. and a.* (שעם) אבנארען, בעטריגען, אונטערשטעלען א הינטער=פיסעל, אבטהאן א שפיצעל; זיך פערשטעלען; דאס אבנארען; בעטרוג; א געפעלשטער ארטיקעל, א געפעלשטע סחורה; א בעטריגער, א שווינדלער; פאלש, אונעכט, ניט ווירקליך, נאכגעמאכט; שיינבאר, כלומר'שט.

sham A'braham (שעם איי'-ברע-העם) פערשטעלען זיך פאר א חולה, מאכען זיך כלומר'שט קראנק [כדי זיך אויסצודרעהען פון ארבייט].

Sham'an *n. and a.* (שעמ'-ען) א שאמאן, א פריסטער ביי די געצענדיענערישע אונציוויליזירטע שבטים פון צפון=סיביריען, ווי די אסטיאקען, סאמאיעדען א. ד. ג; וואס איז שייך צו שאמאניזם.
ז. *Shamanism*.

Sham'anism *n.* (שעמ'-ען-איזם) שאמאניזם, דער קולט און גלויבען פון די געצענדיענערישע אונציוויליזירטע שבטים פון צפון=אזיען, ווי די אסטיאקען, סאמאיעדען א. ז. וו., וועלכע גלויבען, אז די גאנצע וועלט איז פול מיט בייזע בלוטדורשטיגע רוחות און געטער, וועלכע מען קען איבערבעטען און גוט מאכען נור דורך קרבנות און פערשיעדענע רעליגיעזע צערעמאניעס.

sham'ble *n. and v.* (שעמבל) א באנק אדער טיש אויף א מארק, אויף וועלכען עס זיינען פאנאנדערגעלעגט סחורות; אן אונזיכערער און אומגעלומפערטער גאנג; געהן שלעפענדיג מיט די פיס; בעוועגען זיך אומגעלומפערט.

sham'bles *n.* (שעמבלז) א שלאכט=הויז; א פלייש=באנק; א פלייש=מארק.

sham'bling *n. and a.* (שעמ'-בלינג) דאס געהן שלעפענדיג מיט די פיס; אן אומגעלומפערטער גאנג; זיך שלעפענד, וואס געהט שלעפענדיג מיט די פיס.

shame *n. and v.* (שיים) שאם, שמאך, שאנדע, חרפה; איינער אדער עפעס וואס רופט ארויס שאנדע; א שענדליכע בעהאנדלונג; פעראכטונג; שפאט; אומ'כבוד; די בעדעקטע טיילען פון קערפער; זיך שעמען; פערשעמען; שענדען, ארויפווארפען א שאנדע.

shame'faced *a.* (שיימ'-פייסט) שעמעוודיג.

shame'facedly *adv.* (שיימ'-פייסט-לי) אויף א שעמעוודיגער ארט; מיט בושה.

shame'facedness *n.* (שיימ'-פייסט-נעס) שעמעוודיגקייט, בושה.

shame'ful *a.* (שיימ'-פול) שענדליך, מיאוס, אונאנשטענדיג

shame'fully *adv.* (שיימ'-פול-אי) אויף א שענדליכער ארט.

shame'fulness *n.* (שיימ'-פול-נעס) שענדליכקייט, חרפה.

shame'less *a.* (שיימ'-לעס) אונפערשעמט, חוצפה'דיג, העזה'דיג.

shame'lessly *adv.* (שיימ'-לעס-לי) אויף אן אונפערשעמטען אופן.

shame'lessness *n.* (שיימ'-לעס-נעס) אונפערשעמטהייט.

shame'-proof *a.* (שיימ'-פרוהף) אונעמפפינדליך צו שאנדע; וואס האט ניט קיין געפיהל פון בושה.

sha'mer *n.* (שיי'-מער) א שענדער, איינער אדער עפעס וואס פערשעמט.

shamma'tha *n.* (שע-מא'-טהא) ביי די פארצייטיגע אידען — שמתא, דער שטרענגסטער חרם, וואס ווערט אויף איינעם ארויפגעלעגט אויף'ן גאנצען לעבען.

sham'mer *n.* (שעמ'-ער) א בעטריגער, א שווינדלער; א ליגנער.

sham'my *n.* (שעמ'-אי) זעמש [א מין ווייכער לעדער].

sham'oy *v.* (שעמ'-אי) מאכען זעמש; בעארבייטען לעדער ווי זעמש.

shampoo' *v. and n.* (שעמ-פוה') שאמפואירען, וואשען און רייניגען דעם קאפ; רייבען דעם קערפער נאך א באד, מאכען מאסאזש; א שאמפו, דאס וואשען און רייניגען דעם קאפ.

sham'rock *n.* (שעמ'-ראק) דער קרייכענדער ווייס=קלעע [אזא דריי=בלעטערדיגעס גראז]; דער דריי=בלאט [די נאציאנאלע עמבלעם פון אירלאנד]

shan'dry *n.* (שענ'-דרי)
ז. *shandrydan*.

shan'drydan *n.* (שענ'-דרי-דען) א לייכט וועגעל אויף צוויי רעדער; אן אלטמאדישער וואגען אהן פרוזשינעס [רעסארען].

shan'dygaff *n.* (שענ'-די-געף) א מין געטראנק געמישט פון ביער מיט אינגבערביער.

shanghai' *n. and v.* (שענג-האי') אזא כינעזישע הוהן מיט זעהר לאנגע פיס; א הויכער מענש; פער'שכור'ען אדער בעטויבען איינעם און איהם פערשלעפען אויף א שיף, וועלכע נויטיגט זיך אין מאטראזען.

shank *n. and v.* (שענק) דער שיענביין, דער טייל פון פוס פון דער קניע ביז'ן קנעכעל; דער פוס; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שיענביין; דער טייל פון א געצייג אדער אינסטרומענט אויף וועלכען עס ווערט ארויפגעזעצט א הענטעל; א שטיעל; א שאפט; דער טייל פון א מעסער, דלאט א. ד. ג. וואס איז אריינגשטעקט אין שטיעל; דער גראדער טייל פון א טשוואק אהן דעם קעפעל און דעם שפיץ; אין דרוקעריי — דער שריפט=קעגעל [דאס שטיקעל בליי, אויף וועלכען עס איז אויסגעדריקט דער שריפט=בוכשטאב]; דאס אויערעל פון א קנעפעל; דער טייל פון א שוך צווישען דעם ברייטען טייל פון זויל אדער פאדעשווע און דעם קנאפעל; אין מעטאל=גיסערייען — דער גרויסער לעפעל אנצונעהמען צושמאלצענעם מעטאל; אין ארכיטעקטור — דער שאפט פון א זייל [דער טייל צווישען דעם פונדאמענט און דעם קאפ]; דער לעצטער טייל פון עפעס; האבען א שוואכען שטענגעל [וועגען א פלאנצע]; אראבפאלען צוליעב די שוואכקייט פון שטענגעל [וועגען א בלום].

shanked *a.* (שענקט) מיט א שאפט; שענקעלדיג; מיט א שטיעל אדער שטענגעל עהנליך צו א פוס; מיט א שוואכען שטענגעל [וועגען א פלאנצע].

shan'ker *n.* (שענ'-קער) א שאנקער [א מין ווענערישע אדער געשלעכטס=קראנקהייט].

shank'-pain'ter *n.* (שענק'-פיינ'-טער) אזא קורצער שטריק און קייט צו האלטען דעם אנקער פון א שיף האריזאנטאל.

shanks' mare (שענקס מעהר) דער אייגענער געשפאן [די אייגענע פיס].

sha'n't (שענט) זאל ניט [פערקירצונג פון *shall not*].

shan'ty *n. and v.* (שענ'-טי) א כאלופע; א ברעטער=הייזעל; א וואלד=הייזעל; א שענק; אזא כאר=נעזאנג פון מאטראזען, בעת זיי שלעפען ארויף שווערע משאות; לעבען אין א פראסטען ארימען הייזעל, לעבען אין א כאלופע.

shan'tyman *n.* (שענ'-טי-מען) דער איינוואהנער פון א ברעטער=הייזעל אין וואלד; דער מאטראז וואס פיהרט אן א כאר=נעזאנג ביים ארויפשלעפען שווערע משאות.

sha'pable *a.* (שיי'-פעבל) וואס קען געפארמט אדער פארמירט ווערען.

shape *v. and n.* (שייפ) פארמירען; מאכען; בויען; אויסבילדען; בעשאפען; צוגעבען א געוויסע פארם; צופאסען צו א געוויסען צוועק; פלאנירען; מאכען לויט א בעשטימטען פלאן; איינארדנען, צוגרייטען; ריכטען איינעמס גאנג צו א געוויסען פונקט; זיך פערשטעלען, בעגרייפען; בעשטימען צו עפעס; א פארם, א געשטאלט, אן אויסזעהן; א פאנטאסטישע פערשטעלונג; די פערקערפערונג פון א אידעע, פון א געדאנק; א פערקליידונג; א טעאטראלער קאסטיום; די ארט און ווייזע פון עפעס; א מאדעל אדער מוסטער נאכצופאלגען ביי דער ארבייט; א דעסערט=געריכט וואס איז געמאכט אין א פורעם.

shaped *a.* (שייפט) געבויט, פארמירט [ווערט געברויכט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער]; וואס איז געבויגען אין א פערשיעדענארטיגער פארם [וועגען א ראהם פון א שפיגעל אדער בילד].

shape'less *a.* (שייפ'-לעס) אהן געשטאלט, אהן פארם.

shape'lessness *n.* (שייפ'-לעס-נעס) פארמלאזיגקייט; דאס זיין אהן א געשטאלט.

shape'liness *n.* (שייפ'-לי-נעס) דאס זיין גוט געשטאלטעט, דאס זיין שעהן געבויט.

shape'ly *a.* (שייפ'-לי) גוט געשטאלטעט, שעהן געבויט.

sha'per *n.* (שיי'-פער) א פארמירער, איינער וואס גיט צו א פארם אדער געשטאלט; א פרעז=מאשין, א מאשין צו פארמירען פערשיעדענע מעטאל=ארבייט; אין האלץ=ארבייט — א מין שניץ=מאשין.

shape'smith *n.* (שייפ'-סמיטה) דער פערבעסערער פון מענשען=געשטאלט; איינער וואס נעהמט זיך אונטער צו פערווירקליכען אונמעגליכע זאכען.

shape up (שייפ אפ) צוגעבען א שטענדיגע פארם, אריינלעגענדיג א שטייפען שטאף [ווי ביי נעהען א קלייד].

sha'ping-machine' *n.* (שיי'-פינג-מע-שין') א פרעז=מאשין, א מאשין צו פארמירען פערשיעדענע מעטאל=ארבייט.

shard *n.* (שארד) א שערבעל; א שאלעכץ פון אן איי; דער אויבערשטער פליגעל=צודעק פון א זשוק אדער גריל.

shar'ded *a.* (שאר'-דעד) מיט הארטע אויבער=פליגלען [ביי אינזעקטען].

shar'dy *a.* (שאר'-די) שערבעלדיג, ווי א שערבעל.

share *n. and v.* (שעהר) א טייל, א חלק; א טייל פון א זאך, וואס בעלאנגט צו א צאהל מענשען; אן אקציע; דער שפיציגער טייל פון א פלוג וואס שניידט די ערד ביים אקערען; דער שאם=ביין [דער ביין ארום די געשלעכטס=ארגאנען]; צוטיילען אויף בעזונדערע חלקים; נעהמען אן אנטייל; בעקומען זיין חלק; האבען א חלק אין עפעס; שניידען, שערען.

share'-beam *n.* (שעהר'-ביעם) דער טייל פון פלוג, צו וועלכען עס איז צוגעפעסטיגט דער אקער=אייזען.

share'-bone *n.* (שעהר'-באון) דער

שאם=בייז [דער בייז ארום די געשלעכטס=ארגאנען].

share′-bro′ker *n.* (שעהר′-בראו′-קער) א בערזען=מאקלער, איינער וואס האנדעלט מיט אקציען פון פערשיעדענע קאמפאניעס.

share′holder *n.* (שעהר′-האול-דער) א טייל=האבער, אן אקציען=האלטער, אן אקציאנער.

share′-list *n.* (שעהר′-ליסט) אן אקציען=קורס צעטעל.

shar′er *n.* (שעהר′-ער) א טיילער, א פאנאנדערטיילער; א טייל=האבער, א טייל=נעהמער; אן אקציען=האלטער, אן אקציאנער.

shark *n. and v.* (שארק) דער האיפיש [אזא גרויסער רויב=פיש. ז. איל. ***basking-shark***]; א שווינדלער, א בעטריגער; פאנגען האיפיש; שווינדלען, בעטריגען; לעבען פון שווינדעל.

shar′ker *n.* (שאר′-קער) א שווינדלער, א בעטריגער; איינער וואס לעבט פון שווינדעל.

shar′king *a.* (שאר′-קינג) פרעסעריש, גיעריג.

shark′-oil *n.* (שארק′-איל) אזא אויל וואס בעקומט זיך פון דער לעבער פון א האי=פיש.

shark up (שארק אפ) אין איילעניש אדער בגנבה צוזאמענשלעפען.

sharp *a., adv., n. and v.* (שארפ) שארף; שפיציג; זעהר עקיג אדער שפיץ=ווינקעלדיג; מיט שארפע ליניען, ניט מטושטש, קלאר און דייטליך; שארף אין געשמאק [שטארק זויער אדער ביטער]; שטרענג, העפטיג; שטארק; גרילצענד; דורכדרינגענד [וועגען א שטימע]; שניידענד [וועגען א שטארקער קעלט]; הארט און שארסטיג ווי זאמד; מאגער; שארפזיכטיג; שארף=העריג; אויפמערקזאם, וואכזאם, פארזיכטיג; סארקאסטיש, בייסענד, שטעכענד; שארפזיניג; וויציג; שלאג=פערטיג, קלוג, כיטרע, געשיקט; פלינק, שנעל; וואס ווערט אויסגעשפראכען מיט׳ן אטעם און ניט מיט דער שטימע [ווי די בוכשטאבען ***p, k, t***]; אין מוזיק — העכער ווי די טאן=שטופע, העכער ווי די רעגולערע אקטאווע; פינקטליך, פרעציז, צו דער מינוט; מיט שנעלקייט; באלד, זאפארט; א שארפער וואפען; א לאנגע דינע נעה=נאדעל; אין מוזיק — דער קרייץ=צייכען וואס צייגט אז אז עס דארף גענומען ווערען מיט א האלבען טאן העכער ווי די געוועהנליכע טאן=שטופע; א האלבער טאן העכער; א שארפער אדער גרילצענדער טאן; א שווינדלער, א דורכגעטריבענער יונג; אן עקספערט, א גרויסער מבין; א טייל פון א טייך וואו דאס וואסער פליסט זעהר שנעל; שארפען, שארף מאכען; בעשווינדלען, בעטריגען; אין מוזיק — אויפהויבען דעם טאן, העכער מאכען מיט א האלבען טאן.

sharp′-cut *a.* (שארפ′-קאט) געשניטען מיט שארפע דייטליכע ליניען; קלאר און דייטליך.

shar′pen *v.* (שארפן) שארף מאכען; פערשארפען; שלייפען, צושפיצען; פערשניצען [א בליי=פעדער]; מאכען שארפער; מאכען שטארקער אדער שטרענגער; שארף ווערען; פערשטארקען [דעם אפעטיט]; אין מוזיק — העכער מאכען דעם טאן, העכערען די טאן=שטופע מיט א האלבען טאן.

sharp′ener *n.* (שארפ′-נער) א שארפער; א שארפשטיין.

shar′per *n.* (שאר′-פער) א שווינדלער, א בעטריגער; א דורכגעטריבענער יונג; א שארפשטיין.

sharp′-eyed *a.* (שארפ′-איד) שארפזיכטיג.

sharp′-ground *a.* (שארפ′-גראונד) שארף געשליפען.

sharp impres′sion (שארפ אימ-פרעש′-אן) א שארפער אבדרוק פון שריפטזאץ [וואו די בוכשטאבען זיינען טיעף אריינגעדריקט אין פאפיער].

sharp′-look′ing *a.* (שארפ′-לוק′-אינג) מאגער, אויסגעדארט, אויסקוקענדיג הונגעריג.

sharp′ly *adv.* (שארפ′-לי) שארף; שפיציג; שטרענג; העפטיג, שטארק; שארפזיניג; סארקאסטיש, בייסענד; שניידענד; דורכדרינגענד.

sharp′ness *n.* (שארפ′-נעס) שארפקייט; שפיציגקייט; שניידיגקייט; שטרענגקייט; העפטיגקייט; שטארקייט; הארטקייט; חריפות, שארפזיניגקייט.

sharp′-set *a.* (שארפ′-סעט) אנגעשארפט; שארף, שניידענד; הונגעריג, מיט א שטארקען אפעטיט.

sharp′-shoot′er *n.* (שארפ′-שוהט′-ער) א שארף=שיסער, א געניטער שיסער, א שיסער וואס טרעפט מייסטענס אין ציעל.

sharp′-shoot′ing *n.* (שארפ′-שוהט′-אינג) דאס שארף=שיסען, דאס שיסען אין ציעל.

sharp′-sigh′ted *a.* (שארפ′-סאי′-טעד) שארפזיכטיג, שארפזיניג, וואס האט א שארפע השגה.

sharp′-tailed *a.* (שארפ′-טיילד) וואס האט א שארפען אדער שפיציגען עק.

sharp′-vis′aged *a.* (שארפ′-וויז′-עדזשד) וואס האט א שמאלעם אדער שארפעם געזיכט.

sharp′-wit′ted *a.* (שארפ′-הוויט′-עד) חריפות׳דיג, וואס האט א שארפען שכל.

shas′ter *n.* (שעס′-טער) א געזעץ=בוך אדער א בוך פון די הייליגע געזעצען ביי די הינדוסען.

shat′ter *v. and n.* (שעט′-ער) צוברעכען; צושמעטערען; רואינירען, צושטערען; צוטרייסלען, בריינגען אין אונארדנונג; זיך צוברעכען, צושמעטערט ווערען; א שפליטער, אן אבגעבראכען שטיק, א שערבעל; א צושטערטער אדער צוטרייסעלטער צושטאנד.

shat′terbrain *n.* (שעט′-ער-בריין) א נאכלעסיגער מענש, א צושטרייטער, א צודרעהטער.

shat′ter-brained *a.* (שעט′-ער-בריינד) צושטרייט, צוטומעלט, צודרעהט.

shat′ter-pa′ted *a.* (שעט′-ער-פיי′-טעד) ז. ***shatter-brained***.

shat′tery *a.* (שעט′-ער-אי) צוברעכיג, צוברעכליך, וואס ברעכט זיך אין שטיקער, וואס שפליטערט זיך.

shave *v. and n.* (שייוו) ראזירען, גאלען; זיך ראזירען; שערען, אבשערען; אבשאבען; אבשיילען; שינדען, אבשינדען; בעטריגען, בעשווינדלען; "שינדען די הויט", נעהמען הויכע דיסקאנטא פאר וועקסלען; דאס גאלען, דאס ראזירען; א דין פעניצעל; א זעהר שטארקע דערנעהנטערונג; א קוים=פערפעהלטער ציעל; א שניץ=מעסער; א שייל=מעסער; אן ענטשעדיגונג אדער בעלוינונג וואס ווערט געגעבען פאר פערלענגערען די צייט פון א צאהלונגס=טערמין אדער פאר ענדערען פונקטען אין א קאנטראקט; א "הויט=שינדער", א בערייסער, איינער וואס נעהמט הויכע דיסקאנטא פאר וועקסלען; א שווינדעל, א בעטרוג.

shave′-grass *n.* (שייוו′-גרעס) קאנען=קרויט [א מין גראז].

shave′-hook *n.* (שייוו′-הוק) אזא געצייג אבצוריינינגען די פלעכען פון שטיקער מעטאל וועלכע דארפען צונויפגעלייט ווערען.

shave′ling *n.* (שייוו′-לינג) א געגאלטער, אן אבראזירטער; א גלח, א מאנאך.

sha′ven (שייוון) ראזירט, געגאלט. ז. ***shave***.

sha′ver *n.* (שיי′-ווער) א באַרבירער, א גאלער; א פארוק=מאכער, א שערער; א "הויט=שינדער", א בערייסער; א בעשווינדלער; א יונגער מענש.

sha′ving *n.* (שיי′-ווינג) דאס ראזירען, דאס גאלען; דאס שערען; א דין פעניצעל; א דין שפענדעל; דאס אבשאבען לעדער אום עס גלאט צו מאכען; שווינדעל, בעטרוג.

sha′ving-brush *n.* (שיי′-ווינג-בראש) א ראזיר=פינזעל [וואס ווערט געברויכט צום איינזייפען ביים ראזירען].

sha′ving-cup *n.* (שיי′-ווינג-קאפ) א ראזיר=בעכער [א גלאז אדער טאס וואו עס ווערט געמאכט מיט׳ן ראזיר=פינזעל זייף=מילענים צום ראזירען].

sha′ving-tub *n.* (שיי′-ווינג-טאב) אזא קאסטען ביי בוכבינדער וואו עס פאלען אריין די אבגעשניטענע שטרייפען פאפיער פון די בלעטער.

shaw *n.* (שאה) א געדיכט וועלדעל, א שאטענדיגער ארט.

shaw′-fowl *n.* (שאה′-פאול) א הילצערנער פויגעל צו לערנען זיך שיסען אין איהם אין ציעל.

shawl *n.* (שאהל) א שאל; א פאטשיילע.

shawl dance (שאהל דענס) דער שלייער=טאנץ [אזא טאנץ ביי וועלכען עס ווערט געפאכט מיט א שאל אדער שלייער].

shawl′-man′tle *n.* (שאהל′-מענ′טל) א שאל=מאנטעל [אזא ברייטער פרויען=מאנטעל אהן ארבעל].

shawl′-mate′rial *n.* (שאהל′-מע-טי′-רי-על) אזא ווייכער בונט=קאלירטער זיידען אדער וואלען=שטאף פאר פרויען=קליידער.

shawl′-pat′tern *n.* (שאהל′-פעט′-ערן) א שאל=מוסטער [א געוויסער בונט=קאלירטער מוסטער פאר פרויען=קליידער שטאף].

shawl′-pin *n.* (שאהל′-פין) א שאל=שפילקע, א שאל=נאדעל.

shawl′-strap *n.* (שאהל′-סטרעפ) טראג=רימענס [א פאר רימענס מיט א הענטעל צו פערפאקען און טראגען שאלען, פאטשיילעס און אנדערע פעקלעך].

shawm *n.* (שאהם) אזא אלטער מוזיקאלישער בלאז=אינסטרומענט; א קארנעט, א בלאז=הארן.

shay *n.* (שיי) ז. ***chaise***.

shaykh *n.* (שייק) ז. ***sheik***.

she *pr. and n.* (שי) זי; א זי, א נקבה.

sheaf *n. and v.* (שיעף) א גארב; א בינטעל; א ראד מיט אן אויסגעהוילטען ראנד אויף וועלכען עס דרעהט זיך א שטריק ווי אויף א מאסט=בוים פון א שיף א. ד. ג.; בינדען אין גארבען; מאכען בינטלעך.

sheaf′-bin′der *n.* (שיעפ′-באינ′-דער) אזא האנד=געצייג צו פערבינדען גארבען.

shea′fy *a.* (שיע′-פי) גארבענארטיג, וואס בעשטעהט פון גארבען.

shear *v. and n.* (שיער) שערען, אבשערען; שניידען, קאסען [תבואה, היי א. ד. ג.]; "ארומשערען", בעשווינדלען, בע=

רויבען ; אַן אָבשערעניש, אַ שערונג [בע־
זאָנדערס וועגען שעפּסען].

shear'bill *n.* (שיער'־ביל) אַזאַ וואַסער־
פויגעל, ביי וועלכען דער שנאָבעל האָט די
פאָרם פון אַ שער.

shear'er *n.* (שיער'־ער) אַ שערער.

shear'-grass *n.* (שיער'־גרעס) שנייד־
גראָז [אַזאַ גראָז־פּלאַנצע מיט שאַרפע
שניידענדע בלעטער].

shear'-hooks *n.* (שיער'־הוקס) ז. *sheer-hooks*.

shear'-hulk *n.* (שיער'־האַלק) ז. *sheer-hulk*.

shear'ing *n.* (שיער'־אינג) דאָס שערען ; אַ שערונג ; דאָס געשאָרענע ; אַ שעפּס וואָס איז נור איין מאָל געשאָרען געוואָ־
רען ; דאָס שניידען תבואה ; דאָס פּראָדו־
צירען ראַפינירטען שטאָהל [פאַר שערען, מעסערס א. ד. ג.].

shear'ing-machine' *n.* (שיער'־אינג־מע־שין') אַ שער־מאַשין, אַ מאַשין צום שערען מעטאַלענע פּלאַטען אָדער שטאַנגען.

shear'ing-ta'ble *n.* (שיער'־אינג־טיי'בל) אַזאַ באַנק מיט רימענס, אין וועל־
כע מען בינדעט איין אַ שעפּס צום שערען.

shear'ling *n.* (שיער'־לינג) אַ שעפּס וואָס איז נור איין מאָל געשאָרען געוואָ־
רען.

shear'man *n.* (שיער'־מען) אַ טוך־
שערער.

shears *n.* (שיערז) אַ שניידער־שער ; אַ שער צום שניידען געוואַנד, בלעך א. ד. ג.

shear'-steel *n.* (שיער'־סטיעל) גערב־
שטאָהל, ראַפינירטער שטאָהל.

shear'-struc'ture *n.* (שיער'־סטראַק'־טשור) אין געאָלאָגיע — די סטרוקטור פון דער ערד אין אַ געגענד וואָס זעהט אויס ווי געשאָרען מיט אַ שער.

shear'tail *n.* (שיער'־טייל) דער שער־עק [אַזאַ זשום־פויגעלע מיט אַ לאַנגען שער־
עהנליכען עק].

shear'water *n.* (שיער'־וואָה־טער) דער וואַסער־שערער [אַ מין ים־פויגעל מיט אַ לאַנגען אויסגעבויגענעם שנאָבעל, מיט לאַנגע שפּיציגע פליגלען און מיט אַ קורצען עק. פליהט זעהר נידריג איבער'ן ים, שניידענדיג מיט די פליגלען דאָס וואַ־
סער].

Shearwater

sheat'-fish *n.* (שיעט'־פיש) דער וועלס אָדער דער גרויסער קאַץ־פיש [אַזאַ גרוי־
סער עסבאַרער טייך־פיש].

sheath *n. and v.* (שיעטה) אַ שייד, אַ פוטעראַל, אַ פוטלאַר ; עפּעס וואָס איז עהנליך צו אַ שייד, ווי אַ בלומען־שייד, אַ בלאַט־שייד, אַ פליגעל־דעק פון אינזעק־
טען ; אַריינשטעקען אין אַ שייד ; איבער־
ציהען, בעדעקען ; פערדעקען אָדער בעהאַל־
טען ; פערלירען די שאַרפקייט.

sheath'bill *n.* (שיעטה'־ביל) אַזאַ ים־
פויגעל וואָס האָט אַ שייד־פערמיגע בעדע־
קונג אויף'ן שנאָבעל.



Sheathbill

sheathe *v.* (שיעטה) אַריינשטעקען אין אַ שייד ; איבערציהען, בעדעקען ; פערדעקען, בעהאַלטען ; פערלירען די שאַרפקייט.

sheathed *a.* (שיעטהד) אַריינגעשטעקט אין אַ שייד ; וואָס האָט אַ שייד ; בעצוי־
גען, בעדעקט.

sheathe the sword (שיעטה טהי סאָורד) אַריינלעגען די שווערד אין שייד, מאַכען אַ סוף צו דער מלחמה, שליסען שלום.

sheath'-fish *n.* (שיעטה'־פיש) ז. *sheat-fish*.

shea'thing *n. and a.* (שיע'־טהינג) אַן איבערצוג, אַן איבערדעקונג ; דאָס איבער־
ציהען אָדער בעדעקען ; קופּער אָדער מעש־
בלעך מיט וואָס מען ציהט איבער דעם דעק פון אַ הילצערנער שיף ; אַ שוץ־איבערצוג אויף דער אויסען־זייט פון דעק פון אַ שיף ; איינשליסענד ווי אַ שייד.

shea'thing-nail *n.* (שיע'־טהינג־נייל) אַ נאָגעל אָדער טשוואָק וואָס ווערט בע־
נוצט צום צוקלאַפּען מעטאַל אָדער האָלץ־
איבערדעקונג אויף אַ שיף [ווערט מיים־
טענס געמאַכט פון מעש].

shea'thing-pa'per *n.* (שיע'־טהינג־פּיי'־פּער) אונטערשלאַג־פּאַפּיער [אַזאַ דיקעס פּאַפּיער וואָס ווערט בענוצט צום אונטערלעגען אונטער דעם מעטאַל־איבער־
צוג פון שיפען און פאַר עהנליכע צוועקען].

sheath'-knife *n.* (שיעטה'־נאַיף) אַ מע־
סער, וואָס מען טראָגט אין אַ שייד, וואָס הענגט אויף'ן גאַרטעל.

sheath'less *a.* (שיעטה'־לעס) אָהן אַ שייד.

sheath'-winged *a.* (שיעטה'־הווינגד) מיט פליגעל־דעקען [וועגען אינזעקטען].

shea'thy *a.* (שיע'־טהי) שיידענאַרטיג, וואָס זעהט אויס ווי אַ שייד.

shea'-tree *n.* (שיע'־טריע) דער פּוטער־
בוים [אַ מין אַפריקאַנער בוימעל, פון וועלכען עס ווערט געצויגען אַ מין פּוטער־
פעטס].

sheave *v. and n.* (שיעוו) בינדען אין גאַרבען ; אַ שטריק־ראַד [אַ ראַד מיט אַן אויסגעהיילטען ראַנד אויף וועלכען עס דרעהט זיך אַ שטריק, ווי אויף אַ מאַסט־
בוים פון אַ שיף א. ד. ג.] ; אַ פעררוקבאַ־
רעס בלעכעל, וואָס בעדעקט דאָס שליסעל־
לאָך פון אַ שלאָס ; אַ פענויך ברויט.

sheave'-hole *n.* (שיעוו'־האָול) דער אויסשניט אין אַ מאַסט־בוים אָדער אין אַ בלאָק וואו עס ווערט אַריינגעשטעלט דאָס שטריק־ראַד.

sheaves *n.* (שיעווז) גאַרבען.

shebang' *n.* (שי־בענג') אַ פּלאַץ, אַן אָרט ; אַ כאַלופּע.

She'bat *n.* (שע'־באַט) ז. *Sebat*.

Shechi'nah *n.* (שי־קאַי'־נאַ) די שכינה.

shed *v. and n.* (שעד) 1. גיסען, פער־
גיסען ; 2. אַראָבוואַרפען, לאָזען פאַלען [ווי בוימער זייערע בלעטער, ווי פויגלען זייערע פעדערען א. ד. ג.] ; 3. אויסשיי־
טען, אויסשטרייען ; 4. פערברייטען, פער־
שפּרייטען ; 5. אין וועבעריי — אַ צווישען־
רוים אָדער אַן עפענונג צווישען די אָנגע־
צויגענע פעדים אין וועב־שטוהל וואו דאָס שיפעל דאַרף דורכגעהן ; 6. די נייגונג אָדער שטייגונג פון אַ בארג ; 7. אַ צייט־
ווייליגער שוץ־אָרט, אַ ביידעל, אַן אָבדאַך, אַ שוץ־דאַך ; אַן אָפענע צייטווייליגע אָב־
לאַגע אָדער אָבשטעל־געביידע פאַר סחורה, וועגען א. ד. ג.

1. He sheds tears of joy. 2. The trees shed their leaves in autumn. 4. I want to shed light on the subject.

shed'der *n.* (שעד'־ער) אַ פערגיסער ; אַ בעשעפעניש וואָס וואַרפט אַראָב איהר הויט אָדער שאָלעכץ ; אַ לאַקס [אַזאַ פיש] וואָס האָט אַרויסגעוואָרפען די איקרע [רויגען].

shed'ding *n.* (שעד'־אינג) אַ פערגיסונג, אַן אויסגיסונג ; דאָס אַראָבוואַרפען ; דאָס לאָזען פאַלען ; דאָס אַראָבגעוואָרפענע אָדער אַראָבגעפאַלענע ; אָבדאַך אָדער שוץ־דאַך געביידעס.

shed'-roof *n.* (שעד'־רוהף) אַן אָבדאַך.

sheen *n., v. and a.* (שיען) אַ שיין, אַ גלאַנץ ; שיינען, גלאַנצען ; גלאַנצענד, שיי־
נענד, פּרעכטיג.

shee'ny *a. and n.* (שיע'־ני) גלאַנצענד, שיינענד, פּרעכטיג ; אַ כיטרער יונג, אַ דורכגעטריבענער חברה־מאַן ; אַ איד [אַלס זידעל־וואָרט].

sheep *n.* (שיעפּ) אַ שאָף, אַ שעפּס ; שאָף־לעדער ; אַ שאָפּס־קאָפּ, אַ נאַר.

sheep'berry *n.* (שיעפּ'־בער־אי) אַזאַ קליין אַמעריקאַנער בוימעל אויף וועלכען עס וואַקסען אַזעלכע שוואַרצע יאַגדעס, וועלכע זיינען עהנליך צו שעפּסענע באָב־
קעס ; דער שנעע־באַל [די יאַגדע פון דיעזען בוימעל].

sheep'-bi'ting *a.* (שיעפּ'־באַי'־טינג) בעשווינדלענד, בערויבענד ; וואָס בערויבט הילפלאָזע פערזאָנען.

sheep'-bi'ting face (שיעפּ'־באַי'־טינג פּיים) אַ פּנים פון אַ שווינדלער אָדער זשוליק.

sheep'-cote *n.* (שיעפּ'־קאָוט) אַן אָב־
געצאַמטער אָרט פאַר שעפּסען.

sheep'-dog *n.* (שיעפּ'־דאָג) אַ שעפער־
הונד [אַ הונד וואָס היט אַ שאָף־טשער־
דע] ; אַ דאַמען־בעגלייטער.

sheep'-faced *a.* (שיעפּ'־פּייסט) שעמעוו־
דיג, נאַריש.

sheep'-far'mer *n.* (שיעפּ'־פאַר'־מער) אַ פערמער וואָס פערנעהמט זיך מיט שאָף־
צוכט [האָדעווען שאָף].

sheep'-far'ming *n.* (שיעפּ'־פאַר'־מינג) שאָף־צוכט.

sheep'fold *n.* (שיעפּ'־פאָולד) אַ שאָף־
שטאַל ; אַן אָבגעצאַמטער אָרט פאַר שאָף.

sheep'-head'ed *a.* (שיעפּ'־העד'־עד) דום, נאַריש.

sheep'-hol'der *n.* (שיעפּ'־האָול'־דער) אַ געשטעל אָדער אַזאַ טיש וואו מען האַלט אַ שעפּס אין דער צייט פון שערען.

sheep'-hook *n.* (שיעפּ'־הוק) אַ פּאַס־
טוך־שטאָק, וועלכער איז פון אויבען אויס־
געבויגען.

shee'pish *a.* (שיע'־פּיש) ווי אַ שעפּס ; שעמעוודיג, שרעקעדיג ; דום, תמ'עוואַטע.

shee'pishly *adv.* (שיע'-פיש-לי) אויף א שעמעוודיגען אדער שרעקעדיגען אופן; דום, נאריש.

shee'pishness *n.* (שיע'-פיש-נעס) שעמעוודיגקייט; שרעקעדיגקייט; דומהייט.

sheep'-lau'rel *n.* (שיעפ'-לאה'-רעל) אזא קליין אמעריקאנער בוימעל וואס זייענע בלעטער ווערען גערעכענט אלס גיפטיג פאר בהמות.

sheep'-louse *n.* (שיעפ'-לאוס) די שאף-לויז [אזא אינזעקט וואס געפינט זיך אין וואל פון שעפסען].

sheep'man *n.* (שיעפ'-מען) א שאף-ציכטער, איינער וואס האדעוועט שאף.

sheep'-mar'ket *n.* (שיעפ'-מאר'-קעט) א שעפסען-מארק, א מארק וואו מען קויפט און פערקויפט שאף.

sheep'-mas'ter *n.* (שיעפ'-מעס'-טער) א שאף-ציכטער [איינער וואס האדעוועט שעפסען].

sheep'-pen *n.* (שיעפ'-פען) א שעפסען-שטאל, אן ארומגעצאמטער ארט וואו מען האלט שעפסען.

sheep'-pox *n.* (שיעפ'-פאקס) שאף-פאקען [אזא קראנקהייט פון שעפסען וואס איז עהנליך צו פאקען].

sheep'-rack *n.* (שיעפ'-רעק) א שעפסען-שטאל [בעזאנדערס צום קארמענען].

sheep'-rot *n.* (שיעפ'-ראט) די שאף-פעסט [אזא פלאנצע, אויף וועלכער מען רעכענט, אז זי פעראורזאכט פעסט צווישען שאף].

sheep'-run *n.* (שיעפ'-ראן) א גרויסער שטח לאנד צו פיטערען שעפסען.

sheep's'-beard *n.* (שיעפס'-ביערד) דער באקס-בארד [אזא פלאנצע וואס וואקסט אין בינטלעך מיט גרויסע קעפ פון ציטראן-קאליר].

sheep's'-bit *n.* (שיעפס'-ביט) די בערג-יאזיאנע [אזא פלאנצע].

sheep's'-foot *n.* (שיעפס'-פוט) אזא אייזערנער האמער מיט א געשפאלטענעם געבויגענעם ענד וואס ווערט בענוצט אין דרוקערייען אויפצוהויבען די זאץ-ראהמען פון דער דרוק-מאשין און פאר אנדערע צוועקען.



Sheep's-foot

sheeps'head *n.* (שיעפס'-העד) אזא דיקער ברייטער פיש עהנליך צו א לעשטש [בראסען], וועלכער געפינט זיך געוועהנליך ביי די ברעגען פון אטלאנטישען ים אין אמעריקא; א נאמען פון פערשיעדענע אנדערע פיש.

Sheepshead

sheep'-shear'er *n.* (שיעפ'-שיער'-ער) א שעפסען-שערער.

sheep'-shear'ing *n.* (שיעפ'-שיער'-אינג) דאס שערען די שעפסען; די צייט ווען מען שערט די שעפסען.

sheep'-shears *n.* (שיעפ'-שיערז) א שער צום שערען שעפסען.

sheep'skin *n.* (שיעפ'-סקין) א שעפסען-פעל; שאף-לעדער; א דאקומענט אדער דיפלאם געשריבען אויף פארמעט וואס איז געמאכט פון שעפסען-פעל.

sheep'-sor'rel *n.* (שיעפ'-סאר'-על) דער קליינער זויער-אמפפער [אזא גראז-פלאנצע מיט שפיציגע זויערע בלעטער].

sheep's'-sca'bious *n.* (שיעפס'-סקיי'-בי-אס) ז. ***sheep's-bit***.

sheep'-sta'tion *n.* (שיעפ'-סטיי'-שאן) א פלאץ וואו מען פיטערט אדער האדעוועט שעפסען.

sheep'-stea'ler *n.* (שיעפ'-סטיע'-לער) א שעפסען-גנב.

sheep'-stea'ling *n.* (שיעפ'-סטיע'-לינג) שאף-גנבה.

sheep'-tick *n.* (שיעפ'-טיק) אזא אינזעקט וואס פאלט אן אויף שעפסען.

sheep'walk *n.* (שיעפ'-וואהק) ז. ***sheep-run***.

sheep'-wash *n.* (שיעפ'-וואש) א וואשען אדער וואשונג פאר שעפסען-פעל; דאס באדען אדער וואשען די שעפסען איידער מען שערט זיי.

sheep'-whis'tling *a.* (שיעפ'-הוויס'-לינג) וואס פיטערט אדער גיט אכטונג אויף שעפסען.

shee'py *a.* (שיע'-פי) וואס שעפס; ווי א שעפס; איז שייך צו א שעפס.

sheer *a., adv., n. and v.* (שיער) פשוט; לחלוטין, אבסאלוט; בלויז; פור, לויטער, ריין; ווערטיקאל, גראד ארויף אדער אראב, פערפענדיקולאר; זעהר דין; באלד, זאפארט, גלייך; די הויכקייט אדער די קרימונג פון די לענגס-ליניען פון א שיף, ווען מען קוקט אויף איהר פון דער זייט; די לאגע פון א שיף, וואס גיט איהר די מעגליכקייט צו זיין פעראנקערט בלויז אויף איין אנקער און זיך ניט פערטשעפען מיט דער אנקער-קייט; א געבויגענער קורס אדער ריכטונג פון א שיף; אבבויגען פון דער ריכטונג, אבקירעווען אן א זייט [וועגען א שיף].

sheer'-hooks *n.* (שיער'-הוקס) א קאמבינאציע פון אייזערנע האקענס [קרוטשיקעס] וועלכע האבען פון אינוועניג א שארף און דורכשניידען די זאך וואס מען כאפט מיט זיין אן.

sheer'-hulk *n.* (שיער'-האלק) אן אלטע קריעגס-שיף וואס ווערט בענוצט צום אויפשטעלען מאסטען אויף שיפען.

sheer'-legs *n.* (שיער'-לעגז) ז. ***sheers***.

sheer'ly *adv.* (שיער'-לי) אבסאלוט, אין גאנצען, לחלוטין.

sheers *n.* (שיערז) אזא הויב-מאשין צום אויפשטעלען מאסטען, קעסלען, הארמאטען א. ד. ג. אויף א שיף אדער זיי ארויסצונעהמען פון איהר.

sheet *n. and v.* (שיעט) א בעט-טוך, א לייליך; א דינע ברייטע פלאטע; א בויגען, א בלאט; א צייטונג; א שטח; א פלעכע; א שטריק וואס איז בעפעסטיגט צו אן אונטערשטען ווינקעל פון א זעגעל איהם אויסצוציהען אדער צו ענדערען זיין ריכטונג; אין אנאטאמיע — א שיכט; בעשפרייטען מיט א לייליך; בעדעקען ווי מיט א לייליך; מאכען אין בויגענס.

sheet'-an'chor *n.* (שיעט'-ען'-קאר) דער הויפט-אנקער; די לעצטע הילפס-קוועלע, די לעצטע רעטונג.

sheet'-bend *n.* (שיעט'-בענד) אזא שלייף אדער קנופ וואס ווערט בענוצט צו פערבינדען צוויי שטריק אויף א שיף.

sheet'-cop'per *n.* (שיעט'-קאפ'-ער) קופער-בלעך.

shee'ted *a.* (שיע'-טעד) וואס האט א ברייטען ווייסען שטרייף ארום דעם קערפער [וועגען חיות אדער בהמות]; אין דרוקעריי — וואס ווערט געלעגט א בויגען אום א בויגען [וואס צווישען צוויי געדרוקטע בויגענס ווערט געלעגט א לעדיגער בויגען, כדי די דרוק-פארב זאל ניט פערשמירט ווערען].

sheet'-glass *n.* (שיעט'-גלעס) שויבען-גלאז, טאוועל-גלאז.

shee'ting *n.* (שיע'-טינג) דאס פארמירען אדער אויסלעגען אין בלעטער; לייווענד פאר ליילעכער.

sheet'-i'ron *n.* (שיעט'-אי'-ערן) אייזען-בלעך.

sheet'-met'al *n.* (שיעט'-מעט'-על) מעטאל אין דינע פלאטען, בלעך.

sheet'-pile *n.* (שיעט'-פאיל) א דאמבע-קלאץ [איינער פון די קלעצער וואס ווערט אריינגעשלאגען אין א טייך אבצוצאמען דאס וואסער].

sheets of flame (שיעטס אוו פליים) א ים-פייער, א פלאמען-ים.

sheets of wa'ter (שיעטס אוו וואה'-טער) א וואסער-פלעכע.

sheet'-work *n.* (שיעט'-וואירק) דרוק-ארבייט ביי וועלכער יעדע זייט פון בויגען ווערט געדרוקט פון אן אנדער שריפט-זאץ ראהם.

sheik *n.* (שייק) א שייך, אן עלטסטער, אן עלטסטער פון א שבט, פון א געמיינדע אדער קהילה אין די מאכמעדאנישע לענדער.

sheikh *n.* (שייק) ז. ***sheik***.

shek'el *n.* (שעק'-על) א שקל [א פארציטיגע אידישע מטבע און אויך א געוויכט]; א געוויכטס-איינהייט וואס איז בענוצט געווארען אין בבל; געלד.

Sheki'nah *n.* (שי-קאי'-נא) ז. ***Shechinah***.

sheld *a.* (שעלד) בונט, געפלעקט.

shel'drake *n.* (שעל'-דרייק) די בראנד-ענטעל [אזא גרויסע גאנז-עהנליכע ענטעל].

Sheldrake

shelf *n. and v.* (שעלף) א ברעט; א פאך, א פאליצע; א זאמד-באנק אדער א קופע פעלזען-שטיינער אין ים; לעגען אויף דער פאליצע; אוועקלעגען אן א זייט.

shelf'-lad'der *n.* (שעלפ'-לעד'-ער) א לייטער צוצוקומען צו פאליצעס.

shelf'-list *n.* (שעלפ'-ליסט) א ליסטע וואו עס זיינען פערצייכענט די ביכער, וועלכע געפינען זיך אויף א פאליצע אין א ביבליאטהעק.

shel'fy *a.* (שעל'-פי) פול מיט זאמד-בענק אדער מיט קופעס פעלזען-שטיינער.

shell *n. and v.* (שעל) א שאלעכץ [ווי פון אייער, ניס, אויסטערס, ראקעס א. ד. ג.]; א קאפסעל; א מושעל, א מולטערעל אדער שאלעכץ פון א מאלוסק; דער פאנצער אדער שילד פון א טשערעפאכע (שילדקראט) א. ד. ג.]; א שאל-טהיער אדער שאלעכץ-פיש [ווי א ראק, מאלוסק, אן אויסטער א. ד. ג.]; א קאפסעל אדער

הילז פון א קויל; א באמבע; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שאלעכץ אדער שאלכעל; א מולטער=עהנליכע אדער קאפסעל=עהנליכע כלי; דאס אויער=מולטערל; א מולטער=שיפעל [אזא לאנגעם און שמאלעם שיפעל]; א ראהמען=ווערק וואס דארף אויסגעפילט ווערען [ווי דאס ראהמען=ווערק פון א הויז, פון א שיף א. ד. ג.]; דאס שטיך=בלאט פון א שווערד [די אויסגעבויגענע פלאטע ביים הענטעל פון שווערד צו שיצען די האנד]; א לירע [מוזיקאלישער אינסטרומענט]; א ניט=פאראדנער מיליטערישער זשאקעט; דאס אויסווענינגסטע פון א זאך, די שאלעכץ אהן אינהאלט; אבשיילען אדער אראבנעהמען די שאלעכץ, ארויסנעהמען פון שאלעכץ; איינשליסען אין א קאפסעל; בעדעקען ווי מיט א שאלעכץ; ווארפען באמבעס, באמבארדירען, שיסען מיט הילזען=קוילען [ווי פון א ביקס]; אראבווארפען די שאלעכץ; ארונטערפאלען ווי א שאלעכץ.

shel′lac *n. and v.* (שעל′-עק) שעללאק [זאמען=לאק געגאסען אין דינע פלאטען, וואס ווערט בענוצט צו מאכען פערניס אדער לאק צום פאלירען]; איבערציהען מיט שעללאק.

shel′lack *n.* (שעל′-עק) שעללאק. ז. *shellac*.

shell′back *n.* (שעל′-בעק) אן אלטער מאטראז.

shell′-bank *n.* (שעל′-בענק) א זאמד=וואל ביים ברעג פון ים וואס איז בעדעקט מיט מושלען.

shell′bark *n.* (שעל′-בארק) דער היקארי נוס=בוים [א געוויסער נוס=בוים אין אמעריקא אויף וועלכען עס וואקסען זיסע און אויליגע ניס].

shell′-board *n.* (שעל′-באורד) א ראהם וואס שטעלט זיך אויף א וואגען צו פיהרען היי א. ד. ג.

shell′-boat *n.* (שעל′-באוט) א מולטער=שיפעל [אזא לאנגעם שמאלעם רודער=שיפעל].

shell′-but′ton *n.* (שעל′-באט′ן) א קנאפ וואס איז צונויפגעשטעלט פון צוויי טיילען און איז אינוועניג פוסט ווי א קאפסעל.

shelled *a.* (שעלד) וואס האט א שאלעכץ.

shell′er *n.* (שעל′-ער) א שיילער, א געצייג אבצושיילען די שאלעכץ.

shell′-fish *n.* (שעל′-פיש) מושעל=טהיערע [ווי מאלוסקען, אויסטערס א. ד. ג.] און שאלעכץ=טהיערע [ווי ראקעס, קרעבסען א. ז. וו.].

shell′-flow′er *n.* (שעל′-פלאו′-ער) די גלאטע שילד=בלום [אזא פלאנצע].

shell′-gun *n.* (שעל′-גאן) א הארמאט צו ווארפען באמבעס.

shell′-heap *n.* (שעל′-היעפ) א קופע פון מושלען [געוועהנליך געמישט מיט ביינער פון חיות, קויהלען, אש און אנדערע געברויכס=זאכען, וואס צייגט אן אז אין דעם ארט האבען אמאל געוואהנט מענשען וועלכע האבען זיך הויפטזעכליך ערנעהרט מיט מושעל=טהיערע, ווי אויסטערס, שילדקראטען א. ד. ג.].

shell′-ice *n.* (שעל′-אים) אן אייז=דעק וואס איז געבליבען נאכדעם ווי דאס וואסער איז פון אונטער איהם ארויסגעצויגען געווארען.

shell′ing *n.* (שעל′-אינג) דאס ארויסשיילען פון שאלעכץ, דאס אבשיילען; דאס באמבארדירען; האבער=גריץ.

shell′-jack′et *n.* (שעל′-דזשעק′-עט) א ניט=פאראדנער מיליטערישער זשאקעט.

shell-lac′ *n.* (שעל-לעק′) שעללאק. ז. *shellac*.

shell′-lime *n.* (שעל′-לאים) קאלך וואס בעקומט זיך פון געברענטע מושלען.

shell′-lime′stone *n.* (שעל′-לאימ′-סטאון) מושעל=קאלך, אזא קאלך אדער שטיין וואס האט זיך אויסגעבילדעט פון צוזאמענגעפרעסטע צובראכענע מושלען.

shell′-mar′ble *n.* (שעל′-מאר′בל) מושעל=מארמאר [מארמאר וואס ענטהאלט אין זיך מושלען].

shell′-marl *n.* (שעל′-מארל) אזא ווייסע ערד=אבלאגערונג וואס בילדעט זיך פון צובראכענע מושלען.

shell′-mound *n.* (שעל′-מאונד) ז. *shell-heap*.

shell′-or′nament *n.* (שעל′-אהר′-נע-מענט) א פערציערונג אדער דעקאראציאן פון מושלען.

shell out (שעל אוט) דערלאנגען, געבען.
I was obliged to **shell out** some money to help out a friend.

shell′-proof *a.* (שעל′-פרוהף) ז. *bomb-proof*.

shell′-work *n.* (שעל′-הוואירק) מושעל=ארבייט [פערציערונגען וואס ווערען געמאכט פון מושלען, ווי אויף ראהמען א. ד. ג.].

shell′y *a.* (שעל′-אי) בעדעקט מיט שאלעכץ; פול מיט מושלען; וואס בעשטעהט פון מושלען; וואס האט די אייגענשאפטען פון א מושעל.

shel′ter *n. and v.* (שעל′-טער) א שוץ; אן אבדאך; א שוץ=ארט; בעדעקען; בעשיצען, שיצען; בעהאלטען, פערבארגען; זוכען שוץ; זיך בעשיצען.

shel′terer *n.* (שעל′-טער-ער) א בעשיצער; איינער וואס נעהמט אונטער זיין שוץ אדער גיט אן אבדאך.
He is a **shelterer** of thieves and outcasts.

shel′terless *a.* (שעל′-טער-לעס) שוצלאז; אהן א היים, אהן אן אבדאך; אהן שוץ.

shelve *v.* (שעלוו) אויסשטעלען אויף א פאליצע; בעזארגען מיט פאליצעס [פעכער]; מאכען פאליצעס; לעגען אויף דער פאליצע, אוועקלעגען אן א זייט; געהן שרעג אדער בארג=אראב; איינבויגען אויף א זייט.

shelves *n.* (שעלווז) פאליצעס [פעכער].

shel′ving *n. and a.* (שעל′-ווינג) פאליצעס; מאטעריאל פון וואס פאליצעס ווערען געמאכט; דאס אויסשטעלען אויף פאליצעס; אזא ראהם וואס ווערט ארויפגעשטעלט אויף א וואגען, כדי מען זאל איהם קענען מעהר בעלאדען; שרעג אראב, בארג אראב, גענייגט נאך אונטען.

shel′vy *a.* (שעל′-ווי) שרעג אראב, גענייגט נאך אונטען, אראבגענייגט.

Shemit′ic *a.* (שי-מיט′-איק) סעמיטיש. ז. *Semitic*.

Shem′itism *n.* (שעמ′-אי-טיזם) ז. *Semitism*.

she′-oak *n.* (שיע′-אוק) די זומפ=אייכע [אזא אויסטראלישער בוים פון א זעהר הארטען האלץ].

She′ol *n.* (שיע′-אול) ביי די פארצייטיגע אידען — שאול, די אונטער=ערד, דאס ארט וואו די נשמות פון געשטארבענע געהען אוועק.

shep′herd *n. and v.* (שעפ′-אוירד) א פאסטוך, א שעפסען=פאסטוך; א גייסטליכער פיהרער, א פאסטאר; פיהרען אדער אויפפאסען ווי א פאסטוך; זיך אנזעצען אויף אימעצען מיט דער האפנונג עטוואס צו קריגען פון איהם.

shep′herdess *n.* (שעפ′-אויר-דעס) א פאסטושקע, א הירטין.

shep′herdish *a.* (שעפ′-אויר-דיש) ווי א פאסטוך, ווי א הירט; דארפיש.

shep′herd's dog (שעפ′-אוירדז דאג) א הירטען=הונד, א שעפער=הונד.

shep′herd's-nee′dle *n.* (שעפ′-אוירדז-ניע′דל) די ווענוס=קאם [אזא פלאנצע]. ז. *lady's-comb*.

shep′herd's-pouch *n.* (שעפ′-אוירדז-פאוטש) טעשעל=קרויט [אזא פלאנצע].

shep′herd's-rod *n.* (שעפ′-אוירדז-ראד) אזא דיק=האריגע שטעכיגע פלאנצע.

shep′herd's-staff *n.* (שעפ′-אוירדז-סטעף) ז. *shepherd's-rod*.

sher′bet *n.* (שויר′-בעט) שערבעט [אזא קאלטער געטראנק, אין די מזרח=לענדער, וואס ווערט געמאכט פון פרוכט=זאפט, צוקער און געווירצען]; אייז=וואסער מיט זאפט.

sherd *n.* (שערד) א שערבעל.

shereef′ *n.* (שע-ריעף′) ז. *sherif*.

sherif′ *n.* (שע-ריף′) א קרוב פון מאכמעד, איינער וואס שטאמט אב פון מאכמעד'ס פאמיליע; א פרינץ, א הערשער; דער הויפט=מאגיסטראט פון דער מאכמעדאנישער הייליגער שטאדט מעקא.

sher′iff *n.* (שער′-איף) א שעריף, דער הויפט ארמיניסטראטיווער בעאמטער פון א בעצירק וואס פיהרט אוים די שטראף=אורטיילע פון געריכט.

sher′iffalty *n.* (שער′-איפ-על-טי) דאס אמט אדער דאס רעכט פון א שעריף; דער אמטס=טערמין פון א שעריף.

sher′iffdom *n.* (שער′-איפ-דאם) דאס אמט פון א שעריף; דער בעצירק פון א שעריף.

sher′iffhood *n.* (שער′-איפ-הוד) דאס אמט פון א שעריף.

sher′iff-of′ficer *n.* (שער′-איפ-אפ′-אי-סער) אן אונטער=בעאמטער ביי א שעריף אין שאטלאנד וואס דארף דורכפיהרען ארעסטען און עהנליכע אדמיניסטראטיווע ארביים.

sher′iffship *n.* (שער′-איפ-שיפ) ז. *sheriffalty*.

sher′iffwick *n.* (שער′-איפ-הוויק) דער בעצירק פון א שעריף.

Sher′man an′ti-trust law (שויר′-מען ענ′-טי-טראסט לאה) שערמאן'ס אנטי=טראסט געזעץ [דאס געזעץ אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא פון יאהר 1890 וואס בעצוועקט צו פערניכטען טראסטען און מאנאפאלען, וועלכע שטערען די פרייע קאנקורענץ אין האנדעל און אינדוסטריע. דאס געזעץ איז פארגעשלאגען געווארען פון דעם סענאטאר שערמאן].

sher′ry *n.* (שער′-אי) שערי אדער כערעס [א מין שטארקער שפאנישער וויין]; א קליינעס וויין=גלאז.

sher′ry-val′lies *n.* (שער′-אי-וועל′-איז) אזעלכע איבער=הויזען פאר רייטערס [אין די מערב=שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

sheva′ *n.* (שע-ווא′) אין העברעאישער גראמאטיק — א שוא, א האלב=קלינגענדע אדער ניט=קלינגענדע נקודה.

shew *v.* (שאו) ווייזען, צייגען. ז. *show*.

shew′bread *n.* (שאו′-ברעד) ז. *showbread*.

sheyk *n.* (שייק) ז. *sheik*.

Shi′ah *n.* (שי′-א) א שיאיט. ז. *Shiite*.

shib'boleth *n.* (שיב'-או-לעטה) א פראבע-ווארט, א לאזונגס-ווארט, א צייכען-ווארט, לויט וועלכען מען דערקענט צו וועלכער פארטיי איינער געהערט [פון דעם העברעאישען ווארט שבולת, וועלכעס האט ביי יפתח'ן געדיענט אלס צייכען צו דערקענען די בני-אפרים, וועלכע האבען ניט געקענט אויססשפרעכען קיין שי"ן].

shide *n.* (שאיד) א שייט האלץ, א ברעט.

shield *n. and v.* (שיעלד) א שילד [אזא בלעך מיט וועלכען די פארצייטיגע קריעגער פלעגען זיך שיצען]; א וואפען-שילד; עטוואס וואס בעשיצט אדער ווערט בענוצט אלס א שוץ; א בעדעקונג; א שוץ; שיצען, בעשיצען; בעדעקען.

Shield

shield'-drake *n.* (שיעלד'-דרייק) ז. *sheldrake*.

shiel'der *n.* (שיעל'-דער) א בעשיצער, א שיצער.

shield'-fern *n.* (שיעלד'-פוירן) שילד-פארן [אזא פלאנצע].

shield'less *a.* (שיעלד'-לעס) אהן א שילד; שוצלאז.

shield'lessly *adv.* (שיעלד'-לעס-לי) שוצלאז, אהן שוץ.

shield'lessness *n.* (שיעלד'-לעס-נעס) שוצלאזיגקייט.

shiel'drake *n.* (שיעל'-דרייק) ז. *sheldrake*.

shield'-shaped *a.* (שיעלד'-שייפט) וואס האט די פארם פון א שילד.

shield'-ship *n.* (שיעלד'-שיפ) א קריעגשיף, וועלכע האט בעוועגליכע שילד-פלאטען צו שיצען די הארמאטען.

shift *v. and n.* (שיפט) שטופען, רוקען, שיעבען, בעוועגען פון איין ארט צום צווייטען; איבערשטעלען, איבערבייטען; איבערבייטען די קליידער; ענדערען, פערענדערען; זיך איבערטהאן [די קליידער]; בייטען די קליידער אדער די אונטערוועש; זיך ענדערען אין כאראקטער; זיך ענדערען, זיך בייטען; אריבערציהען אדער זיך אריבערקלייבען [פון איין ארט אויף א צווייטען]; זיך ארויסהעלפען [אין א נויט], זיך דורכשלאגען; אננעהמען מיטלען [ווי זיך צו העלפען]; געברויכען ניט קיין דירעקטע מעטאדען, זיך קליגען, זיך כיטרעווען; אן אבוועקסלונג; אן ענדערונג, א פערענדערונג; א ווענדונג; א בעוועגונג; אן איבערבייט [וועש אדער קליידער צום איבערבייטען]; א פרוייען-העמד; א הילפס-מיטעל; א נויט-מיטעל; אן אויסוועג אין א נויט; א קונץ אדער שווינדעל ווי זיך ארויסצודרעהען; אן ארבייטער-שיכט [אן אבטיילונג פון ארבייטער וואס בייט אב אן אנדער אבטיילונג ביי דער ארבייט]; די צייט אין וועלכער אן ארבייטער-שיכט ארבייט [ווי א טאג-שיכט אדער א נאכט-שיכט].

shift a berth (שיפט ע בוירטה) אריבערפיהרען א שיף פון איין ארט אין א צווייטען אין דעמזעלבען האפען.

shif'table *a.* (שיפ'-טעבל) וואס קען איבערגעשטעלט ווערען פון איין ארט אויף'ן צווייטען; וואס קען געענדערט ווערען, וואס קען געביטען ווערען.

shift about' (שיפט ע-באוט') איבערדרעהען.

shif'ter *n.* (שיפ'-טער) א כיטרער יונג; אן ענדערער, אן איבערשטעלער, אן איבערבייטער; א פארריכטונג אין א מאשין צו איבערשטעלען אדער צו ענדערען.

shift for one's self (שיפט פאר חוואנז סעלף) זארגען פאר זיך; זיך אליין העלפען.

shif'tiness *n.* (שיפ'-טי-נעס) כיטרעקייט; געשיקטקייט זיך ארויסצודרעהען; דאס קענען זיך ארויסהעלפען אין א נויט.

shif'ting *n. and a.* (שיפ'-טינג) אן ארטס-פערענדערונג, אן איבערשטעלונג אדער איבעררוקונג פון איין ארט צו א צווייטען; אן ענדערונג, אן איבערבייטונג; כיטרעקייט; וואס מען קען איבערשטעלען אדער רוקען פון איין ארט צו א צווייטען; וואס ענדערט זיך, וואס בייט זיך; כיטרע; וואס שווינדעלט זיך דורך, וואס העלפט זיך ארויס מיט פערשיעדענע קונצען.

shif'tingly *adv.* (שיפ'-טינג-לי) מיט כיטרעקייט; מיט שווינדעל.

shif'ting use (שיפ'-טינג יוס) א גע-ברויכס-רעכט וואס איז אנפאנגס געשאפען פאר איין פערזאן און וואס געהט אונטער געוויסע אומשטענדען אריבער צו אן אנדער פערזאן.

shift'less *a.* (שיפט'-לעס) ראטלאז, הילפלאז; אונבעהאלפען; וואס האט ניט די פעהיגקייט זיך ארויסצוהעלפען אדער זיך צו פערזארגען; אונפעהיג; פויל.

shift'lessly *adv.* (שיפט'-לעס-לי) אויף אן אונבעהאלפענעם אופן.

shift'lessness *n.* (שיפט'-לעס-נעס) אונבעהאלפענקייט; הילפלאזיגקייט, ראטלאזיגקייט.

shift off (שיפט אף) אבלעגען אדער אברוקען אן א זייט; זיך בעפרייען, אראבווארפען פון זיך.

shift the ground (שיפט טהי גראונד) ענדערען דעם שטאנדפונקט.

shift the helm (שיפט טהי העלם) איבערדרעהען דעם רודער.

shift the loa'ding (שיפט טהי לאו'-דינג) איבערלאדען א שיף.

shif'ty *a.* (שיפ'-טי) וואס קען זארגען פאר זיך, וואס קען זיך ארויסהעלפען; כיטרע.

Shi'ism *n.* (שי'-איזם) שיאיזם, די לעהרען און מנהגים פון די שיאיטען. ז. *Shiite*.

Shi'ite *n.* (שי'-איט) א שיאיט, איינער פון די שיאיטען [א מאכמעדאנישע סעקטע, וועלכע אנערקענט בלויז דעם קאראן, די מאכמעדאנישע תורה שבכתב, און לייקענט אב די "סונע" אדער די מאכמעדאנישע תורה שבעל פה, וועלכע ווערט אנערקענט פון די סוניטען].

shikar'ee *n.* (שי-קאר'-איע) א יעגער אין אינדיען.

shikar'i *n.* (שי-קאר'-אי) ז. *shikaree*.

shilf *n.* (שילף) שטרוי.

shilla'lah *n.* (שי-לײ'-לא) אזא קורצער דעמב-שטאק צום שלאגען, א דובינע.

shil'ling *n.* (שיל'-אינג) א שילינג [אן ענגלישע זילבערנע מטבע, ווערטה אן ערך 24 אמעריקאנישע סענט].

shil'ly-shal'lier *n.* (שיל'-אי-שעל'-אי-ער) אן אונענטשלאסענער מענש.

shil'ly-shal'ly *v., n. and adv.* (שיל'-אי-שעל'-אי) זיך וואקלען, זיין אונענטשלאסען; וואקעלדיגקייט, אונענטשלאסענהייט; נארישע אונענטשלאסענהייט; אויף אן אונענטשלאסענעם אופן.

shim *n. and v.* (שים) א פלאטע אדער א שטיק געוואנד אויסצופילען דעם אויסגעריבענעם פלאץ פון מאשינעריע אדער צו פערמיידען רייבונג; אזא פלוג צום פאלען אדער יעטען [בעזייטיגען די אונגוטיגע גראזען]; פערלעגען אדער אנפילען א שפאלט.

shim'mer *v. and n.* (שימ'-ער) שימערירען; א שימער; שימערירונג.

shim'mering *n.* (שימ'-ער-אינג) א שימער, א שימערען, שימערירונג.

shim'ming *n.* (שימ'-אינג) דאס ארײנלעגען שטיקלעך געוואנד, לעדער א. ז. וו., אום ענגער צונויפצופאסען צוויי טיילען; די שטיקלעך מאטעריאל וואס ווערען געברויכט פאר דיעזען צוועק.

shim'-plow *n.* (שימ'-פלאו) א פלוג צום פאלען אדער יעטען [בעזייטיגען די אונגוטיגע גראזען].

shin *n. and v.* (שין) דער שיענביין [דער פוס-ביין צווישען דער קניע און דעם קנעכעל]; דער פאדערשטער טייל פון א מענשען'ס פוס [ביים שיענביין]; דער ענטשפרעכענדער פוס-טייל ביי פויגלען; דער פיערטער פוס-געלענק ביי אינזעקטען; ארויפקלעטערען זיך אנהאלטענדיג מיט די פיס, קריכען מיט די הענד און מיט די פיס [ווי אויף א בוים]; געהן, געהן צו-פוס.

shin'-bone *n.* (שינ'-באון) דער שיענביין [דער פוס-ביין צווישען דער קניע און דעם קנעכעל].

shin'-boot *n.* (שינ'-בוהט) א שיענביין-שוך [אן איינהילונג פאר א פערד'ס פוס צו פערהיטען פון בעשעדיגונג דעם שיענביין].

shin'dle *n. and v.* (שינדל) א שינדעל; בעדעקען מיט שינדלען. ז. *shingle*.

shin'dy *n.* (שינ'-די) 1. א ליארם, א גע-פילדער; 2. האקי, אזא באל-שפיעל [ז. *hockey*].

1. You may hear them for miles kicking up a shindy.

shine *v. and n.* (שאין) 1. שיינען, לייכטען, גלאנצען; 2. בעלייכטען, ווארפען א שיין; 3. פוצען, ארויפציהען א גלאנץ; 4. שיין, ליכטיגקייט, בעלייכטונג; גלאנץ; 5. זון-שיין; שעהנעס וועטער; 6. א נייגונג, א ליעבע; 7. אן אונארדנונג, א טומעל, א געפילדער; 8. א שפיצעל, אן אויפטהו, א קונץ-שטיק; 9. א גלאנץ, פוץ [אויף שיך].

2. The policeman **shone** his lantern up the alley. 5. We will keep the appointment, rain or **shine**. 7. The boys cut up **shines** in our back yard.

shine deer (שאין דיער) צוציהען הירשען מיט דער הילף פון ליכט [אויף יאגד].

shine one down (שאין הוואן דאון) אימעצען אריבערשיינען, אריבערשטייגען אין גלאנץ אדער פערטונקלען.

shi'ner *n.* (שאי'-נער) איינער וואס רייניגט, פוצט אדער ציהט ארויף א גלאנץ; א גלאנצענדע מטבע, א גאלדענע מטבע; א פיש מיט א זילבער-גלאנץ.

shine up to (שאין אפ טו) שטרעבען צו קריעגען חן אין איינעמס אויגען; זיך שדכנ'ען.

He **shines up to** the girl.

shin'gle *n. and v.* (שינגל) א שינדעל, א גאנטע; א קליינע שילד, א שילד-ברעטעל; שטיינדלעך [הויפטזעכליך ביים ברעג פון ים]; דעקען מיט שינדלען [א דאך]; אבשערען אין טרעפלעך [ניט גלאט]; קורץ שערען, אבשערען צום קאפ; שמיעדען אייזען [אין דעם פראצעס פון פערוואנדלען גוס-אייזען אין שמיעד-אייזען].

shin'gled *a.* (שינגלד) 1. געדעקט מיט

שינדלען; 2. בערעקט מיט שטיינדלעך [ווי דער ברעג פון ים].

1. The **shingled** roof looked thoroughly water-tight. 2. The **shingled** shore was yellow with weeds.

shin'gle-machine' *n.* (שינ'גל-מע-שין') א שינדעל=מאשין, א מאשין צו שניידען שינדלען.

shin'gle-mill *n.* (שינ'גל-מיל) א שינדעל=מאשין [צום שניידען שינדלען]; א שינדלען=פאבריק.

shin'gle-nail *n.* (שינ'גל-נייל) א שינדעל=נאגעל [צו בעפעסטיגען שינדלען].

shin'gle-oak *n.* (שינ'גל-אוק) דער שינדעל=דעמב [אזא אמעריקאנישער דעמב וואס ווערט געברויכט פאר שינדלען].

shin'gler *n.* (שינ'-גלער) א שינדעל=מאכער; אן ארבייטער ביי א שינדעל=מאשין; א שינדעל=מאשין [צום שניידען שינדלען]; איינער וואס דעקט הייזער מיט שינדלען; איינער וואס שמיעדט אייזען [אין דעם פראצעס פון פערוואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען].

shin'gle-roofed *a.* (שינ'גל-רוהפט) געדעקט מיט שינדלען; מיט א שינדעל=דאך.

shin'gles *n.* (שינגלז) די גארטעל=רויז, דער גארטעל=לישאי [א מין הויט=אויסשלאג, וואס פערשפרייט זיך געוועהנליך האלב=רונד ארום קערפער, ווי א גארטעל]; שינדלען.

shin'gle-saw *n.* (שינ'גל-סאה) א שינדעל=זעג, א שינדעל=מאשין [צום שניידען שינדלען].

shin'gling *n.* (שינ'-גלינג) דאס דעקען א דאך מיט שינדלען; דאס שמיעדען אייזען [אין פראצעס פון פערוואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען]; אויסלעגונג פון שטיינדלעך אין דער פארם פון שינדלען [אויף'ן דעק פון טייכען אדער ביים ברעג פון ים].

shin'gling-ham'mer *n.* (שינ'-גלינג-העמ'-ער) א שמיעד=האמער [געברויכט אין פראצעס פון פערוואנדלען גוס=אייזען אין שמיעד=אייזען].

shin'gly *a.* (שינ'-גלי) ז. *shingled*.

shin'iness *n.* (שאינ'-אי-נעס) שיין; שיינונג; העלקייט; גלענצענדיגקייט, גלאנץ.

shin'ing *a.* and *n.* (שאינ'-אינג) שיינענד, לייכטענד, גלענצענד; שיין, שיינונג, גלענצענדיגקייט, גלאנציגקייט, גלאנץ; דאס פיהרען יאגד אויף הירשען צוציהענדיג זיי מיט דער הילף פון ליכט.

shin'ny *n.* and *v.* (שינ'-אי) האקי=שפיעל; דער שטעקען וואס ווערט געברויכט ביי האקי; שפיעלען האקי. ז. *hockey*.

shin'-piece *n.* (שינ'-פיעס) א פארצייטיגער קריעגס=שילד צו פערדעקען דעם פאדערשטען טייל פון פוס.

shin'plaster *n.* (שינ'-פלעס-טער) א פאפיערענער פלאסטער פאר פיס=וואונדען [אלס היימישער מיטעל געברויכט פון פראסטען פאלק]; פאפיער=געלד אויף א קליינער סומע און אהן רעגיערונגס=פערזיכערונג.

shin'tigan *n.* (שינ'-טי-גען) ז. *shinti-yan*.

shin'ti-yan *n.* (שינ'-טי-יען) ברייטע הויזען אדער שאראווארעס, וועלכע ווערען געטראגען פון פרויען אין די מוסולמאנישע לענדער.

Shin'to *n.* (שינ'-טאו) שינטא [די אלטע יאפאנעזישע רעליגיאן, דער קולט פון עלטערען=פערגעטערונג, דער קולט פון פערעהרען די גייסטער פון די פערשטארבענע און פון נאציאנאלע העלדען].

Shin'toism *n.* (שינ'-טא-איזם) ז. *Shinto*.

Shin'toist *n.* (שינ'-טא-איסט) א שינטאאיסט, אן אנהענגער פון שינטא. ז. *Shinto*.

shin'ty *n.* (שינ'-טי) האקי=שפיעל. ז. *hockey*.

shin up (שין אפ) [זיך ארויפקלעטערען אנהאלטענדיג מיט די הענד און מיט די פיס]; זיך אויפהויבען אין דער הויך, זיך אנכאפענדיג מיט די הענד.

shin'y *a.* and *n.* (שאינ'-אי) שיינענד, ליכטיג; ניט פערוואלקענט; גלאנציג, גלענצענד; גאלד; געלד.

ship *n.* and *v.* (שיפ) א שיף; אנלאדען אויף א שיף; ארויפבריינגען אויף א שיף; ארויפגעהן אויף א שיף [אום צו מאכען א רייזע]; שיקען, טראנספארטירען מיט א שיף; טראנספארטירען; אנשטעלען אויף א שיף [ווי למשל, א מאטראז]; איינריכטען אויף'ן בעשטימטען פלאץ [א טייל פון א שיף, א רודער א. ז. וו.].

ship a sea (שיפ ע סיע) פערשווינקט ווערען פון א כוואליע [וועגען דעם דעק פון א שיף].

ship'-bis'cuit *n.* (שיפ'-ביס'-קיט) שיפס=צוויבאק [צוויבאק אדער סוכארעס צוגעגרייט פאר א שיפס=רייזע].

ship'-board *n.* (שיפ'-באורד) א שיפס=ברעט, א שיפס=פלאנקע, א שיפס=קלאדקע.

ship'board *n.* (שיפ'-באורד) א שיפס=דעק; די זייט פון א שיף.

The passengers went on **shipboard**.

ship'-boat *n.* (שיפ'-באוט) א שאלופע, א שליופקע [א קליין שיפעל אויף א שיף].

ship'-bor'er *n.* (שיפ'-באור'-ער) ז. *ship-worm*.

ship'-borne *a.* (שיפ'-באורן) טראנספארטירט איבער'ן ים.

ship'-boy *n.* (שיפ'-באי) א שיפס=אינגעל [וואס דיענט אויף א שיף].

ship'-break'er *n.* (שיפ'-בריק'-ער) איינער וואס צוברעכט אדער נעהמט פאנאנדער אלטע, אבגעניצטע שיפען.

ship'-bro'ker *n.* (שיפ'-בראו'-קער) א שיפס=מעקלער; א מעקלער פון שיפען; איינער וואס נעהמט אן פערזיכערונג [אסעקוראציע] אויף שיפען.

ship'-build'er *n.* (שיפ'-בילד'-ער) א שיפען=בויער, א שיפס=בוימייסטער.

ship'-build'ing *n.* (שיפ'-בילד'-אינג) שיפס=בוי קונסט.

ship'-canal' *n.* (שיפ'-קע-נעל') א קאנאל פאר גרויסע ים=שיפען.

ship'-cap'tain *n.* (שיפ'-קעפ'-טען) א שיפס=קאפיטאן.

ship'-car'penter *n.* (שיפ'-קאר'-פענ-טער) א שיף=סטאליאר [א סטאליאר וואס ארבייט ביים בויען שיפען].

ship'-carv'er *n.* (שיפ'-קארוו'-ער) א שיפס=שניצער [איינער וואס מאכט שניצונגען און ארנאמענטען אויף שיפען].

ship'-chand'ler *n.* (שיפ'-טשענד'-לער) א שיפס=ליפעראנט, א הענדלער מיט שיפס=ארטיקלען [ווי שיפס=שטריק, זעגלען א. ז. וו.].

ship'-chand'lery *n.* (שיפ'-טשענד'-לער-אי) שיפס=ארטיקלען [ווי שטריק, זעגלען א. ז. וו.].

ship'-deliv'erer *n.* (שיפ'-די-ליוו'-ער-ער) א שיפס=אויסלאדער.

ship'en *n.* (שיפען) ז. *shippen*.

ship'-fe'ver *n.* (שיפ'-פי'-ווער) טיפוס [וואס טרעפט אפט אויף שיפען, וואס זיינען צופיעל אנגעפאקט מיט מענשען].

ship'ful *n.* (שיפ'-פול) א פולע שיפס=לאדונג [אזוי פיעל ווי פיעל עס קען ארויף אויף א שיף].

ship'-hold'er *n.* (שיפ'-האולד'-ער) א שיף=אייגענטימער.

ship'-jack *n.* (שיפ'-דזשעק) א הויב=אפאראט צו הויבען שיפען און אנדערע עהנליכע שווערע זאכען.

ship'-keep'er *n.* (שיפ'-קיעפ'-ער) א שיפס=אויפזעהער; א שיף=זיצער [אן אנגעשטעלטער אויף א קריעגס=שיף, וואס פערלאזט זעלטען די שיף].

ship'less *a.* (שיפ'-לעס) אהן א שיף, אהן שיפען.

ship'-let'ter *n.* (שיפ'-לעט'-ער) א בריעף געשיקט מיט א געוועהנליכער שיף, ניט מיט א פאסט=שיף.

ship'-load *n.* (שיפ'-לאוד) שיפס=לאדונג; אזוי, פיעל ווי פיעל א שיף קען אין זיך ארייננעהמען.

ship'man *n.* (שיפ'-מען) א שיפס=מאן, א מאטראז.

ship'master *n.* (שיפ'-מעס-טער) א שיפס=אייגענטימער, א שיפס=קאמאנדיר, א שיפס=קאפיטאן.

ship'mate *n.* (שיפ'-מייט) א חבר אין שיפס=דיענסט [וואס דיענט אויף דערזעלבער שיף].

ship'ment *n.* (שיפ'-מענט) א שיפס=לאדונג; דאס אנלאדען אויף א שיף; דאס זעצען אויף א שיף; דאס שיקען מיט א שיף [סחורות אדער מענשען]; א וואארען=זענדונג [א געוויסע צאהל סחורות וואס ווערט געשיקט פאר איין מאל מיט'ן וואסער אדער מיט דער יבשה].

ship'-mon'ey *n.* (שיפ'-מאנ'-אי) שיפס=שטייערען [די פליכט פון האפען=שטעדט אדער האנדעלס=שטעדט, אמאל אין ענגלאנד, בייצושטייערען געלד אדער שיפען פאר דער קריעגס=פלאטע].

ship off (שיפ אף) שיקען מיט א שיף.

ship of the des'ert (שיפ אוו טהי דעז'-אוירט) „די שיף פון דער מדבר", דער קעמעל.

ship on a lay (שיפ אן ע ליי) נעבען די מענשען, וואס ארבייטען אויף דער שיף ניט א בעשטימטען געהאלט, נאר א טייל פון די פראפיטען.

ship one's self (שיפ הוואנז סעלף) זיך זעצען אויף א שיף.

ship'-own'er *n.* (שיפ'-אונ'-ער) א שיפס=אייגענטימער.

shipped *a.* (שיפט) עקספעדירט, איבערגעגעבען צום טראנספארטירען אדער איבערשיקען; בעזארגט מיט א שיף אדער מיט שיפען.

ship'pen *n.* (שיפען) א שטאל, א קוה=שטאל.

ship'per *n.* (שיפ'-ער) אן עקספעדיטאר, איינער וואס גיט איבער ווארע צום טראנספארטירען.

ship'ping *n.* (שיפ'-אינג) 1. עקספעדירונג, דאס שיקען סחורות [מיט'ן וואסער אדער מיט דער יבשה]; 2. שיפען [בכלל].

2. The **shipping** of England exceeds that of any other country.

ship'ping-a'gent *n.* (שיפ'-אינג-איי'-דזשענט) א שיפס=פראכט=אגענט [וואס נעהמט אן פראכט פאר שיפען].

ship'ping-ar'ticles *n.* (שיפ'-אינג-אר'-טיקלז) די פונקטען פון אבמאך צוויש=

שען דעם שיפּס־קאַפּיטאַן און די מאַטראָזען [װענגען געהאַלט, װענגען דעם משך פון דיענסט א. ז. װ.].

ship'ping-bill *n.* (שיפּ׳-אינג-ביל) א שיפּס־פראַכט־צעטעל [א ליסטע פון װאַרען אויף א שיף]; א פראַכט־צעטעל.

ship'ping-clerk *n.* (שיפּ׳-אינג-קלוירק) אַן עקספּעדיטאָר, אַן אַנגעשטעלטער אין א געשעפט װאָס שיקט אַרויס די סחורות.

ship'ping-mas'ter *n.* (שיפּ׳-אינג-מעס׳-טער) א בעאַמטער װאָס פּאַסט אויף אויף דער אַנשטעלונג פון מאַטראָזען און אויף דער דורכפיהרונג פון די קאָנטראַקטען, װאָס װערען מיט זיי געשלאָסען.

ship'ping-note *n.* (שיפּ׳-אינג-נאָוט) א צעטעל פון װאַרען װאָס װערען צוגעשיקט צו א האַפען צום טראַנספּאָרטירען.

ship'ping-of'fice *n.* (שיפּ׳-אינג-אָפ׳-איס) אַן עקספּעדיציאָנס־ביוראָ [א ביוראָ, װאו מען נעהמט אויף װאַארעס צו טראַנספּאָרטירען]; די קאָנטאָר פון דעם בעאַמטען, װאָס האָט די אויפזיכט אויף דער אַנשטעלונג פון מאַטראָזען [ז. *shipping-master*].

ship'-pound *n.* (שיפּ׳-פּאַונד) א שיף־פונט [א געוויכט־איינהייט אין די באַלטישע געגענדען פון רוסלאַנד און אין אייניגע פּאָרט־שטעדט אין דייטשלאַנד. אין די באַלטישע געגענדען איז א שיף־פונט 10 פּוד אָדער 400 פונט, אין דייטשלאַנד איז זיין געוויכט פערשיעדען פון 280 ביז 320 דייטשע פונטען].

ship'-propel'ler *n.* (שיפּ׳-פּראָ-פּעל׳-ער) ז. *screw-propeller*

ship'-rail'way *n.* (שיפּ׳-רייל׳-הוויי) א שיפּס־אייזענבאַהן [אַן אייזענבאַהן איבערצופיהרען שיפען פון איין טייך אין צווייטען].

ship'-rigged *a.* (שיפּ׳-ריגד) אויסגעשטאַטעט ווי א דריי־מאַסטיגע שיף מיט קוואַדראַט־זעגלען אויף אַלע דריי מאַסטען; מיט קוואַדראַטנע זעגלען.

ship's com'pany (שיפּס קאַמ׳-פּע-ני) די מאַנשאַפט פון א שיף.

ship'-scra'per *n.* (שיפּ׳-סקריי׳-פּער) אַן אינסטרומענט צו רייניגען דעם דעק פון א שיף.

ship'shape *a.* (שיפּ׳-שייפּ) אין דער בעסטער אָרדנונג, גוט איינגעריכטעט; פיין.

Everything in the store is kept in shipshape order.

ship's hus'band (שיפּס האַז׳-בענד) דער עקאָנאָם אָדער פערוואַלטער פון א שיף.

ship's pa'pers (שיפּס פּיי׳-פּערס) שיפּס־פּאַפּיערען, שיפּס־דאָקומענטען [װעגען דער צאָהל פּאַסאַזשירען, װעגען דער פראַכט און אויך װעגען דער נייטראַליטעט פון דער שיף].

ship the oars (שיפּ טהי אורז) אַריינלעגען די רודערס אין די רודער־קרוקעס; צוגרייטען זיך צום שיפען.

ship'-worm *n.* (שיפּ׳-הוואָירם) א שיף־װאָרים, א בויער־װאָרים [אַזאַ װאָרים־ עהנליכער מאָלוסק װאָס צופרעסט די אונטער־װאַסערדיגע טיילען פון די שיפען].

Ship-worm

ship'wreck *n.* and *v.* (שיפּ׳-רעק) א שיף־ברוך; א פאַלשטענדיגער דורכפאַל; צושטערונג; פערניכטונג; א רואינע; פעראורזאַכען שיף־ברוך; צושטערען, רואינירען.

ship'wright *n.* (שיפּ׳-ראַיט) א שיף־בויער.

ship'-writ *n.* (שיפּ׳-ריט) א קעניגליכער בעפעהל [אַמאָל אין ענגלאַנד] צו צאָהלען שיף־שטייערען. ז. *ship-money*

ship'yard *n.* (שיפּ׳-יאַרד) א שיפּס־װערף [א פּלאַץ, װאו מען בויט שיפען].

shir *n.* and *v.* (שויר) ז. *shirr*

Shiraz' *n.* (שי-ראַז׳) שיראַז, אַזאַ פּערזישער װיין.

shire *n.* (שאַיר) א גראַפשאַפט, א בעצירק, אַן אויעזד.

shire'-clerk *n.* (שאַיר׳-קלוירק) אין ענגלאַנד — דער אונטער־שעריף, א בעאַמטער װאָס דיענט אַלס געהילף פון שעריף אין בעצירקס־געריכט.

shire'-day *n.** (שיער׳-דיי) דער טאָג װען דער שעריף פלעגט אַבהאַלטען זיין בעצירקס־געריכט [אין אַמאָליגע צייטען אין ענגלאַנד].

shire'-ground *n.* (שיער׳-גראַונד) די טעריטאָריע פון א גראַפשאַפט [אין ענגלאַנד].

shire'-host *n.* (שיער׳-האָוסט) דאָס מיליטער פון א גראַפשאַפט [אין ענגלאַנד].

shire'-land *n.* (שיער׳-לענד) ז. *shire-ground*

shire'-moot *n.* (שיער׳-מוהט) דאָס בעצירקס־געריכט, װאָס דער שעריף פלעגט אַמאָל אין ענגלאַנד צוזאַמענרופען פון צייט צו צייט.

shire'-town *n.* (שאַיר׳-טאַון) די הויפּט־שטאָדט פון א לאַנד־בעצירק אָדער גראַפשאַפט אין ענגלאַנד.

shirk *v.* and *n.* (שוירק) זיך אַרויסמאַכען פון אַן אַרבייט אָדער פון ערפילען א געוויסע פליכט; פערמיידען עפּעס דורך אַן אומעהרליכען מיטעל; איינער װאָס זוכט אויסצודרעהען זיך פון ערפילען א פליכט.

shir'ker *n.* (שויר׳-קער) איינער װאָס מאַכט זיך פון עפּעס אַרויס אָדער דרעהט זיך פון עפּעס אַרויס.

shirk off (שוירק אָף) זיך אַרויסמאַכען, זיך אַרויסדרעהען פון עפּעס.

shirr *n.* and *v.* (שויר) א גומי־פאָדים װאָס װערט אַריינגעװעבט אין א באַנד עס צו מאַכען עלאַסטיש; געריפּטעס צייג; מאַכען צייג געריפּט [װי אין פעלדערלעך]; אַריינגיסען דאָס װייסעל מיט דעם געלכעל פון אַן איי אין הייסע שמאַנט צום אַבבאַקען.

shirt *n.* and *v.* (שוירט) א העמד; בעדעקען, איבערװאַרפען; איבערבייטען א העמד.

shirt'-front *n.* (שוירט׳-פראַנט) א פאָרהעמד, א מאַנישקע.

shir'ting *n.* (שויר׳-טינג) לייװענד פאַר העמדער.

shirt'less *a.* (שוירט׳-לעס) העמדלאָז, אָהן א העמד; אָרים, עלענד.

shirt'-sleeve *n.* (שוירט׳-סליעװו) א העמד־אַרבעל.

shirt'-waist *n.* (שוירט׳-הווייסט) א בלוזע.

shish'-work *n.* (שיש׳-הוואָירק) קליינינקע שטיקלעך שפּיגעל, װאָס װערען איינגעפּאַסט אין הילצערנע ראַהמען און דיענען, װי מאָזאַאיק, צו בעצירען װענד און סטעליעס.

shite'poke *n.* (שאַיט׳-פּאָוק) א קליינע גרינע צאַפּליע [אַזאַ פויגעל] פון נאָרד־אַמעריקאַ.

shit'tah-tree *n.* (שיט׳-אַ-טריע) דער שטה־בוים אָדער די אַראַבישע אַקאַציע [א מין דאָרן־בוים מיט א האַרטען האָלץ, פון װעלכען עס טריפט גומי־אַראַביקע. געפינט זיך מייסטענס אין די מדבריות פון אַזיען און צפון־אַמעריקאַ].

shit'tim-wood *n.* (שיט׳-אים-הוואָוד) שיטים־האָלץ [עצי שטים], דאָס האַרטע האָלץ פון שטה־בוים. ז. *shittah-tree*

shive *n.* (שאַיװו) אַן אָבגעבראָכען שטיקעל; א ברייטער קאָרק [פּראָבקע] צו פערשטאָפּען די עפנונג פון א קריגעל.

shiv'er *n.* and *v.* (שיװו׳-ער) א שפּליטער, א פּיצעל; אַן מינעראַלאָגיע — א מין שיפער־שטיין װאָס שפּאַלט זיך אין דינע פּלאַטען; א קליינער קלין אָדער שפּונט; א ציטער, א שוידער [װי פון קעלט]; צוברעכען אויף פּיצלעך; פאַנאַנדערפּאַלען אויף פּיצלעך; ציטערען, שוידערען [װי פון קעלט].

shiv'ering *n.* (שיװו׳-ער-אינג) א ציטער, א שוידער; א ציטערען, א שוידערען.

shiv'eringly *adv.* (שיװו׳-ער-אינג-לי) טרייסלענדיג; שוידערענדיג.

shiv'ery *a.* (שיװו׳-ער-אי) שפּליטעריג; ברעקעלדיג, ברעכיג; ציטערענדיג, זיך טרייסלענדיג, [פון קעלט]; װאָס פעראורזאַכט א שוידער אָדער ציטער.

shizo'ku *n.* (שי-זאָו׳-קו) דער יאַפּאַנעזישער אָדעל־שטאַנד.

shoal *n.*, *a.* and *v.* (שאָול) א מענגע, א מחנה [איבערהויפּט פון פיש]; א ניט טיעפער אָרט אונטער׳ן װאַסער; ניט טיעף; זיך דרענגען; װערען פלאַך אָדער ניט טיעף.

shoa'liness *n.* (שאָו׳-לי-נעס) דאָס זיין פלאַך, דאָס זיין ניט טיעף; דאָס האָבען פיעל ניט טיעפע ערטער [װי געוויסע טייכען אָדער ימים].

shoal'-mark *n.* (שאָול׳-מאַרק) א צייכען אויף א טייך אָדער אין ים צו בעװייזען װאו דאָס װאַסער איז ניט טיעף.

shoal'ness *n.* (שאָול׳-נעס) דאָס זיין ניט טיעף.

shoal'wise *adv.* (שאָול׳-הוואַיז) אין גרויסע מאַסען.

shoa'ly *a.* (שאָו׳-לי) פול מיט ניט טיעפע ערטער.

shoat *n.* (שאָוט) א יונג חזיר׳על.

shock *n.*, *v.* and *a.* (שאַק) א שטויס, א טרייסעל, א שוידער; א שלאַג, א פּלוצליכער פּאַראַליז; א קופּע גאַרבען אויף׳ן פעלד; א הונד מיט לאַנגע געגרייזעלטע האָר, א פּודעל; א דיקע מאַסע צושויבערטע האָר; א שטויס טהאָן; אַנגרייפען; פערציטערט װערען, אויפטרייסלען זיך; זיך צוזאַמענשטויסען; אַנהויפען, אַנלעגען גאַרבען אין קופּעס; קאַלטענעװאַטע; מיט לאַנגע צושויבערטע האָר.

shock'-dog *n.* (שאַק׳-דאָג) א פּודעל־הונד [א הונד בעװאַקסען מיט לאַנגע געגרייזעלטע האָר].

shock'er *n.* (שאַק׳-ער) דאָס װאָס מאַכט ציטערען; א װאָולגאַרע שרעקליכע מעשה; א מאַשין אויף צוזאַמענצוקלייבען גאַרבען אין קופּעס.

shock'-head *a.* and *n.* (שאַק׳-העד) מיט געקרייזעלטע האָר; א פּודעל־קאָפּ.

shock'-head'ed *a.* (שאַק׳-העד׳-עד) מיט געדיכטע געקרייזעלטע האָר.

shock'ing *a.* (שאַק׳-אינג) שוידערענד, שרעקליך; װידריג; בעליידיגענד.

shock'ingly *adv.* (שאַק׳-אינג-לי) אויף א שוידערענדען, שרעקליכען, װידריגען אָדער בעליידיגענדען אופן.

shock'ingness *n.* (שאַק׳-אינג-נעס)

דאס זיין שוידערענד; דאס זיין בעליידי-גענד.

shod (שאד) געשוכט, אנגעטהאן אין שיך. ז. ***shoe***.

shod'diness *n.* (שאד'-אי-נעס) די גע-מיינהייט, די נידערטרעכטיגקייט.

shod'dy *n., a. and v.* (שאד'-אי) א גראבעס וואל-צייג, וואס איז געמאכט פון די פסלת פון גוטע וואל; שלעכטע וואארע; א קליינליכער מענש מיט פרעטענזיעס פון א גרויסען מאן; געמאכט פון די פסלת פון וואל; נידריג, געמיין; מיט אונפער-דיענטע פרעטענזיעס; אויספילצעווען א מין וואל-צייג פון די פסלת פון גוטע וואל.

shod'dyism *n.* (שאד'-אי-איזם) די פרע-טענזיעס פון אן אויפגעקומענעם נגיד צו שפיעלען די ראלע פון אן אריסטאקראט.

shoe *n. and v.* (שוה) א שוך; א פאד-קאווע; א זאך אדער פארריכטונג וואס איז עהנליך צו א פאדקאווע [ווי דער אויס-געבויגענער רעהר פון א וואסער-קלאזעט, דער טארמאז אדער ברעמזע פון א ראד א. ז. וו.]; שוכען; אנטהאן שיך; אנ-שמיעדען פאדקאוועס.

shoe'black *n.* (שוה'-בלעק) א שטיוועל-פוצער, א שיך-פוצער.

shoe'-black'ing *n.* (שוה'-בלעק'-אינג) שוה-וואקס, וואקסע.

shoe'boy *n.* (שוה'-באי) א אינגעל א שטיוועל-פוצער.

shoe'-brush *n.* (שוה'-בראש) א בער-שטעל צו פוצען שיך.

shoe'-buck'le *n.* (שוה'-באק'ל) א שוך-שנאל, א שוך-ספראנזשקע.

shoe'-fas'tener *n.* (שוה'-פעס'-נער) א קרושאק אדער האקען צו פערקנעפלען שיך.

shoe'-ham'mer *n.* (שוה'-העמ'-ער) א שוסטער-האמער.

shoe'-horn *n.* (שוה'-האהרן) א שיך-אנ-ציהער [אזא אויסגעבויגענעס שטיקעל דינע הארן אדער בלעך וואס ווערט בע-נוצט אנצוטהאן א שוך].

shoe'ing *n.* (שוה'-אינג) בעשוכונג; דאס אנטהאן שיך; דאס בעזארגען מיט שיך; דאס בעשלאגען מיט פאדקאוועס [א פערד].

side *n., v. and a.* (סאיד) אַ זייט; אַן עק, אַ ברעג; אַ צד; אַ מיינונג וואס ווערט פערטרעטען פון איין צד געגען צווייטען; אַ זייט פלייש [אַ האלבע געשאכטענע בהמה געשפאלטען פאר לענגס פון רוקען]; אנגעהמען אדער שטעלען זיך אויף איינעמס צד; צוהאקען אין זייטען [וועגען געשאכטענע בהמות]; אבטעסען, ארומהאקען אדער אבזעגען די זייטען [פון אַ באלקען]; אוועקלעגען אויף אַ זייט; אברוקען אין אַ זייט; זייטיג, וואס איז אויף איין זייט; נעבענזעכליך, אינדירעקט.
side'-arms *n.* (סאיד'-ארמז) זייטען-געוועהר [געוועהר וואס ווערט געטראגען אויפגעהאנגען אויף דער זייט פון קערפער, ווי אַ שווערד, אַ קינזשאל א. ד. ג.].
side'board *n.* (סאיד'-באורד) אַ בופעט, אַ זאַ קאמאד אין אַ שפּייז-צימער צו האלטען טיש-וועש און טיש-געשיר; אַ זייטען-ברעט.
side by side (סאיד באי סאיד) זייט ביי זייט, איינער נעבען דעם אנדערען.
side'-chain *n.* (סאיד'-טשיין) אַ זיכערהייטס-קייט פון אַ לאקאמאטיוו.
side'-cous'in *n.* (סאיד'-קאז'ן) אַ זייטיגער קרוב.
side'-cut'ting *n.* (סאיד'-קאט'-אינג) דאס אבגראבען די ערד לענגס די זייטען פון אַ קאנאל אדער פון אַן אייזענבאהן אום עס צו געברויכען אלס אויפשיט-מאטעריאל; אַ וועג אדער קאנאל וואס ווערט געשנימען לענגס פון אַ משופּע'דיגען בארג וואו דער אויפשיט איז נויטיג בלויז פון איין זייט און די צווייטע זייט ווערט געמאכט פון דער אבגעגראבענער ערד.
si'ded *a.* (סאי'-דעד) זייטיג; ארומגעהאקט, אבגעטעסעט אדער אבגעזעגט פון די זייטען [וועגען באלקענס].
side'-dish *n.* (סאיד'-דיש) אַ ביי-געריכט, אַ נעבען-געריכט.
side'-drum *n.* (סאיד'-דראם) אַ קליינע מיליטערישע פויק אויף וועלכער עס ווערט אויסגעקלאפּט דער טאקט ביים מארשירען.
side is'sue (סאיד איש'-או) אַ נעבענזעכליכע פראגע, אַ זייטיגער שטרייט-פונקט. There were too many **side issues** brought into the debate.
side'-light *n.* (סאיד'-לאיט) אַ זייטען-ליכט, ליכט וואס קומט פון אַ זייט; אַ זייטיגע אדער צופעליגע בעלייכטונג אדער אילוסטראציאן; אַ זייטען-פענסטער.
side'-line *n. and v.* (סאיד'-לאין) אַ נעבען-ארטיקעל אין אַ געשעפט; אַ נעבען-בעשעפטיגונג, אַ זייטיגע בעשעפטיגונג; אַ שטריק מיט וועלכען מען בינדט ביי אַ פערד דעם פאדערשטען און הינטערשטען פוס פון דערזעלבער זייט כדי ער זאל ניט אנטלויפען; פערבינדען מיט אַ שטריק די פאדערשטע און הינטערשטע פיס פון אַ פערד.
side'ling *adv. and a.* (סאיד'-לינג) זייטווערטס; שרעג, משופּע, געבויגען.
side'long *a. and adv.* (סאיד'-לאהנג) זייטיג, געבויגען אויף אַ זייט; משופּע, שרעג; אויף דער זייט; זייטווערטס.
side'-note *n.* (סאיד'-נאוט) אַ ראנד-בעמערקונג [אויף אַ בלאט].
side'-oats *n.* (סאיד'-אוטס) אַ גראז וואס ווערט בענוצט אלס היי.
side part'ner (סאיד פּארט'-נער) אַ שותף אדער קאמעראד מיט וועלכען מען ארבייט צוזאמען אין איין אונטערנעהמונג אדער ביי איין בעשעפטיגונג.
side'-play *n.* (סאיד'-פּליי) אַ זייטען-בעוועגונג, אַ בעוועגונג ניט אין דער געווינשטער ריכטונג.
si'der *n.* (סאי'-דער) איינער וואס געהערט צו אַ געוויסען טייל אדער געגענד פון שטאדט; איינער וואס נעהמט זיך אן פאר אימעצענס צד, אַ פּארטייאישער.
side'-rail *n.* (סאיד'-רייל) אַ זייטען-שינע, אַ זיכערהייטס-שינע [אַ שטיקעל רעלס וואס ווערט געלעגט ביי אַ וואך-שטעלע פון אן אייזענבאהן אום צו פערהיטען, אז די רעדער זאלען ניט אראב פון די רעלסען].
sid'eral *a.* (סיד'-ע-רעל) ז. *sidereal*.
side'real *a.* (סאי-די'-רי-על) פון שטערען; וואס איז שייך צו שטערען; וואס איז צונויפגעשטעלט פון שטערען; געשטערנט.
side'real day (סאי-די'-רי-על דיי) דער שטערען-טאג [דער טאג וואס ווערט גערעכענט לויט דער אומדרעהונג פון דער ערד אין בעצוג צו וועלכען עס איז שטערען. ער איז קירצער פאר דעם זונען-טאג מיט 3 מינוטען און 55 מיט 91 הונדערטעל סעקונדען].
side'real time (סאי-די'-רי-על טאים) די שטערען-צייט [די צייט-רעכנונג לויט די אומדרעהונגען פון דער ערד אין בעצוג צו די שטערען. דער שטערען-טאג איז קירצער פאר דעם זונען-טאג מיט 3 מינוטען און 55 מיט 91 הונדערטעל סעקונדען].
side'real year (סאי-די'-רי-על ייר) דאס שטערען-יאהר [די צייט וואס די ערד מאכט אַ פאלשטענדיגע ארומדרעהונג ארום דער זון, וואס דאס מאכט אוים 365 טעג, 6 שטונדען, 9 מינוטען און 9½ סעקונדען].
sid'erism *n.* (סיד'-ע-ריזם) סידעריזם, די לעהרע, אז די שטערען האבען אַ ווירקונג אויף דעם שיקזאל פון מענשען.
sid'erite *n.* (סיד'-ע-ראיט) סידעריט, שפּאט-אייזען-שטיין; מאגנעט-שטיין.
sid'erograph *n.* (סיד'-ע-רא-גרעף) אַ גראווירונג אין שטאהל.
siderograph'ic *a.* (סיד-ע-רא-גרעפ'-איק) וואס איז שייך צו דער קונסט פון גראווירען אין שטאהל; וואס איז געמאכט מיט שטאהל-גראווירען.
siderograph'ical *a.* (סיד-ע-רא-גרעפ'-אי-קעל) ז. *siderographic*.
siderog'raphist *n.* (סיד-ע-ראג'-רע-

פיסט) א שטאהל-גראווירער, א שטאהל-שטעכער.

siderog'raphy *n.* (סיד-ע-ראג'-רע-פי) די קונסט צו גראווירען אויף שטאהל.

sid'eromancy *n.* (סיד'-ע-רא-מען-סי) א מין וואהרזאגונג אדער כשוף דורך ברענען שטרוי אויף גליהענדע אייזענס.

side'-room *n.* (סאיד'-רוהם) א נעבען-צימער, א זייטען-צימער.

sid'eroscope *n.* (סיד'-ע-רא-סקאופ) א סידעראסקאפ [אן אינסטרומענט אויסצוגעפינען שפורען פון אייזען אין א שטאף. דער אינסטרומענט בעשטעהט פון א קאמבינאציאן פון שטארק עמפפינדליכע מאגנעט-נאדלען].

sid'erotechny *n.* (סיד'-ע-רא-טעק-ני) די מעטאלורגיע פון אייזען.

siderur'gical *a.* (סיד-ע-רויר'-דזשי-קעל) וואס איז שייך צו אייזען און שטאהל פאבריקאציאן.

siderur'gy *n.* (סיד-ע-רויר'-דזשי) אייזען און שטאהל-פאבריקאציאן.

side'-sad'dle *n.* (סאיד'-סעד'ל) א קווער-זאטעל, א פרויען-זאטעל [א זאטעל אויף וועלכען מען זיצט אזוי, דאס ביידע פיס זיינען פון איין זייט].

side'saddle-flow'er *n.* (סאיד'-סעדל-פלאו'-ער) די דאמען-זאטעל בלום [אזא בלום וואס איז עהנליך צו א דאמען-זאטעל].

side'-show *n.* (סאיד'-שאו) א זייטיגע סצענע, א נעבענזעכליכעס בילד; א נעבען-שפיעל.

Sidesaddle-flower

side'-slip *n.* (סאיד'-סליפ) א נעבען-צווייגעל; אן אונגעזעצליך קינד; א זייטען-אבטיילונג אויף דער סצענע פון א טעאטער, וואוהין די דעקאראציאנען ווערען אוועקגענומען.

side'-split'ting *a.* (סאיד'-ספליט'-טינג) וואס איז צום פלאצען [פון געלעכטער].
We saw a **side-splitting** farce.

side'step *v.* (סאיד'-סטעפ) אויסמיידען, אויסוויכען, זיך ארויסדרעהען.

side'-step *n.* (סאיד'-סטעפ) א זייטען-שריט, א שריט אן דער זייט; אן אויסמיידונג.

side'-ta'ble *n.* (סאיד'-טיי'-בל) א נעבען-טיש, א זייטען-טיש [א קליינער טיש וואס שטעהט ביי דער וואנד פון א שפייז-צימער, אויף וועלכען עס ווערט געהאלטען די נויטיגע טיש-געשיר].

side'-ta'king *n.* (סאיד'-טיי'-קינג) דאס שטעלען זיך אויף אימעצענס צד.

side'-track *n.* and *v.* (סאיד'-טרעק) א זייטען-קאלעע, א זייטען-אייזענבאהן-ליניע [נעבען-שינעס וועלכע צווייגען זיך אב פון דער הויפט-ליניע]; אראבפיהרען א וואגען אדער צוג פון דער הויפט-קאלעע אויף א זייטען-קאלעע; אראבקריכען אן דער זייט; אבווייכען פון גראדען וועג, אבווייכען פון ציעל; אבציהען די אויפמערקזאמקייט אויף א זייטיגער זאך.

side view (סאיד וויו) א זייטען-בליק, א קוק פון דער זייט.

side'-view *n.* (סאיד'-וויו) א זייטען-אנזיכט, די אנזיכט פון א זאך געזעהן פון איין זייט.

side'walk *n.* (סאיד'-וואהק) א טראטואר.

side'ward *adv.* and *a.* (סאיד'-הווארד) צו דער זייט-צו, זייטווערטס; וואס בעוועגט זיך זייטווערטס.

side'wards *adv.* (סאיד'-הווארדז) צו דער זייט-צו, זייטווערטס.

side'way *adv.* (סאיד'-הוויי) ז. ***sidewise***.

side'ways *adv.* (סאיד'-הווייז) ז. ***sidewise***.

side'-wheel *n.* and *a.* (סאיד'-הוויעל) א זייטען-ראד [א ראד פון דער זייט פון א מאשין, פון א שיף, פון א וואגען א. ד. ג.]; וואס האט זייטען-רעדער.

side'-whee'ler *n.* (סאיד'-הוויע'-לער) א דאמפף-שיף מיט זייטען-רעדער.

side'-whis'kers *n.* (סאיד'-הוויס'-קערז) באקען-בערד.

side'-wind *n.* (סאיד'-הווינד) א זייטען-ווינד; אן אינדירעקטער איינפלוס.

side'-wings *n.* (סאיד'-הווינגז) זייטען-קוליסען אין א טעאטער.

side'wise *adv.* (סאיד'-הוואיז) זייט-ווערטס, אויף א זייט.

side with (סאיד הוויטה) האלטען מיט אימעצען, זיין אויף אימעצענס צד.

si'ding *n.* (סאי'-דינג) דאס שטעלען זיך אויף איינעמס צד, דאס האלטען מיט אימעצען; דאס צוטיילען זיך אין צדדים; א קורצע נעבען-קאלעע אדער אייזענבאהן-ליניע, וואס צווייגט זיך אב פון דער הויפט-ליניע; דאס בעשלאגען א הילצערנעס הויז מיט ברעטער אדער שינדלען.

si'ding-machine' *n.* (סאי'-דינג-מע-שין') א מאשין צום זעגען ברעטער פון קלעצער.

si'dle *v.* (סאידל) זיך בעוועגען זייט-ווערטס; געהן פון דער זייט.

si'dler *n.* (סאי'-דלער) איינער וואס געהט פון דער זייט, איינער וואס האנדעלט ניט דירעקט, נאר מיט זייטיגע וועגען.

Sido'nian *a.* and *n.* (סאי-דאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו צידון [די הויפט-שטאדט פון פארצייטיגען פעניציען]; אן איינוואהנער פון צידון.

siege *n.* and *v.* (סיעדזש) בעלאגערונג; בעלאגערען; שטורמען, דרינגליך צוטרעטען צו עפעס.

siege'-gun *n.* (סיעדזש'-גאן) א בעלאגערונגס-הארמאט [זעהר א שווערער הארמאט].

siege'-train *n.* (סיעדזש'-טריין) די ארטילעריע, וועגען און פערשיעדענע פריפאסען וואס אן ארמעע נעהמט מיט זיך צו בעלאגערען א פעסטונג.

siege'-works *n.* (סיעדזש'-הווירקס) בעלאגערונגס-ארבייט, די טראנשעען, גראבונגען און בעפעסטיגונגען וואס ווערען געמאכט פון א בעלאגערענדער ארמעע.

si'enite *n.* (סאי'-ענ-איט) ז. ***syenite***.

sien'na *n.* (סי-ענ'-א) די סיענא-ערד, א מין לייים, פון וועלכער עס בעקומט זיך א ברוין-געלבע פארב, וואס ווערט געברויכט אין מאלעריי.

sier'ra *n.* (סיער'-א) די סיערא, א רייה פעלזען אדער בערג [ווי די סיערא-נעוואדא — א רייה בערג אין שפאניען און קאליפארניען]; א מין סקומבריא אדער מאקרעל [זעהר א ווערטהפאלער שפייז-פיש].

sies'ta *n.* (סיעס'-טא) די סיעסטא, די מיטאגס-רוה, די רוה פון מיטאגס-צייט, ווען עס איז זעהר הייס [אין שפאניען און אנדערע הייסע לענדער].

sieur *n.* (סיעיר) [אן אמאליגער הערר טיטול פון רעספעקט אין פראנקרייך].

sieve *n.* and *v.* (סיוו) א זיפ, א רעשעטע; עפעס וואס האט די פארם פון א זיפ אדער רעשעטע; איינער וואס פלאפלט אויס אלץ וואס ער ווייס; א מענש וואס קען נים איינהאלטען קיין סוד; זיפען, איבערזיפען.

Sifa'tite *n.* (סי-פא'-טאיט) דער סיפאטיט, איינער פון די סיפאטיטען [א געוויסע סעקטע אין דער מאכמעדאנישער רעליגיאן].

sift *v.* (סיפט) זיפען; פרובירען, אונטערזוכען, אויספארשען.

sif'ter *n.* (סיפ'-טער) א זיפער; א זיפ, א רעשעטע.

sif'ting *n.* (סיפ'-טינג) דאס זיפען; דאס פארשען; דאס אונטערזוכען.

sigh *v.* and *n.* (סאי) 1. זיפצען; 2. שמאכטען נאך עפעס; 3. ארויסלאזען א זיפץ, בעקלאגען, בעדויערען; 4. א זיפץ.
2. It is customary to **sigh** for the good old times. 4. When the vote was announced we heaved a **sigh** of relief.

sigh'ingly *adv.* (סאי'-אינג-לי) זיפצענדיג; מיט זיפצען.

sight *n.* and *v.* (סאיט) דאס זעהן, דער ראיה; די זעה-קראפט, די ראיה; דער בליק; די אנזיכט, דער אנבליק; א בליק, א קוק; די ארט פון ארומזעהן אדער אורטיילען וועגען עפעס, דער געזיכטס-פונקט, דער שטאנדפונקט; דאס ווארפען זיך אין אויג, דאס לאזען זיך זעהן; די איינזיכט, דאס אריינבליקען אין עפעס, דאס בעקאנט ווערען מיט א זאך; די זעהונגס-ווירדיגקייט, עפעס וואס איז ווערטה צו זעהן אדער צו בעטראכטען; די מענגע, די מאסע; די בעאבאכטונג [מיט מאטעמאטישע אינסטרומענטען]; עפעס וואס העלפט צו זעהן, דער זעה-פונקט [ווי דאס לעכעל אדער דער חלל פון א רעהר, דורך וועלכע מען קוקט אויף עפעס]; דער ריכט-פונקט [ווי דאס ארויסגעשטארצטע שטריכעלע ביים ענד פון רעהר פון א ביקס, לויט וועלכען עס ווערט געריכטעט דאס ציעלען]; א שאנס, א געלעגענהייט, א מעגליכקייט צו טהאן עפעס; קומען צום אויג; לאזען זיך זעהן; גענוי ארומזעהן, בעאבאכטען מיט אן אינסטרומענט [ווי דעם גאנג פון א שטערען]; אין קאמערץ — צום זיכט ברייננגען, צושטעלען [א וועקסעל, א באנק-פאפיער]; ריכטען דעם בליק צו עפעס; ציעלען [מיט א ביקס].

sight'-hole *n.* (סאיט'-האול) א קוק-לאך.

sight'less *a.* (סאיט'-לעס) אהן א ראיה, בלינד.

sight'lessly *adv.* (סאיט'-לעס-לי) אויף א בלינדען שטייגער.

sight'lessness *n.* (סאיט'-לעס-נעס) דאס זיין בלינד, דאס ניט האבען קיין ראיה.

sight'liness *n.* (סאיט'-לי-נעס) דאס זיין אנגענעהם צו זעהן, שעהנקייט.

sight'ly *a.* (סאיט'-לי) אנגענעהם צו זעהן, גוט געשטאלטעט, שעהן.

sight'-rea'der *n.* (סאיט'-ריע'-דער) א מוזיקאנט וואס קען לעזען אדער שפיעלען נאטען גלייך ווי ער זעהט זיי, ניט צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'-rea'ding *n.* (סאיט'-ריע'-דינג) דאס קענען לעזען אדער שפיעלען נאטען

גלייך אויף'ן בליק, נים צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'seeing *n.* (סאיט'-סיע-אינג) דאס ארומגעהן אדער ארומפאהרען אין א שטאדט צו זעהן אדער בעטראכטען אינטערעסאנטע זאכען, געביידעס אדער נעגענדען.

sight'seer *n.* (סאיט'-סיע-ער) איינער וואס געהט ארום אדער פאהרט ארום אין א שטאדט צו זעהן אינטערעסאנטע זאכען, געביידעס אדער געגענדען.

sights'man *n.* (סאיטס'-מען) א מוזיקער וואס שפיעלט גלייך פון נאטען, נים צוגרייטענדיג זיך צו דעם.

sight'-wor'thy *a.* (סאיט'-הוואיר'-טהי) וואס איז ווערטה צו זעהן.

sig'il *n.* (סידזש'-איל) א חתימה; א פערקירצטער צייכען אדער אונטערשריפט; א מאגישער אדער אסטראלאגישער צייכען.

Sigilla'ria *n.* (סידזש-אי-ליי'-רי-א) די סיגילאריען, א מין גרויסע לאנג-פערשוואונדענע בוימער פון די פארהיסטארישע צייטען [פערשטיינערטע שטאמען, צווייגען און ווארצלען פון דיזע בוימער געפינט מען אין די שיכטען פון שטיינקויהלען].



Sigillaria

sigilla'rian *a.* (סידזש-אי-ליי'-רי-ען) וואס איז שייך צו די סיגילאריען.
ז. *Sigillaria*

sig'illary *a.* (סידזש'-אי-לע-רי) וואס איז שייך צו א חתימה; וואס האט אויף זיך א חתימה.

sig'illate *a.* (סידזש'-אי-לייט) אין קעראמיק אדער טעפעריי — וואס איז בעציערט מיט איינגעפרעגטע צייכנונגען [וועגען ליימענע כלים]; ווי געשטעמפעלט [וועגען פלאנצען]; קלאר אנגעדייטעט.

sigilla'tion *n.* (סידזש-אי-ליי'-שאן) דאס בעציערען ליימענע געשיר מיט איינגעפרעגטע צייכנונגען.

sigillog'raphy *n.* (סידזש-אי-לאג'-רע-פי) די לעהרע און בעשרייבונג פון שטעמפלען און חתימות.

sig'la *n.* (סיג'-לא) א מאנאגראם וואס איז אויסגעקריצט אויף א שטעמפעל.

sig'los *n.* (סיג'-לאס) אן אלט-פערסישע זילבערנע מטבע.

sig'ma *n.* (סיג'-מא) די סיגמא, א גריכישער בוכשטאב וואס האט דעם קלאנג פון א סמך ["ס"]. ז. *sigmoid*

sig'matism *n.* (סיג'-מע-טיזם) א שוועה אדער שלעכטע אויסשפראכע פון דעם קלאנג "ס"; געברויך אדער ווידערהאהלונג פון א סיגמא אדער פון א "ס".
ז. *sigmoid*

sig'moid *a. and n.* (סיג'-מאיד) וואס האט די פארם פון דעם גריכישען בוכשטאב סיגמא [Σ] אדער פון לאטיינישען בוכשטאב S; א געבויגענע ליניע אין דער פארם פון א סיגמא.

sigmoi'dal *a.* (סיג-מאי'-דעל) וואס האט די פארם פון א סיגמא.
ז. *sigmoid*

sign *n. and v.* (סאין) א צייכען; עפעס וואס ווערט ארויסגעשטעלט אלס אן אנדייטונג פון א געוויסער זאך; א שילד; א סמן; א סימבאל; א דענקמאל; א מערקמאל; א סימפטאם; א זשעסט, א בעוועגונג מיט'ן קאפ אדער האנד צו בעצייכנען א געדאנק אדער פערלאנג; א שטערען-צייכען, א שטערען-בילד [איינער פון די 12 סמנים פון זאדיאק]; צייכנען, בעצייכנען; אנדייטען; אונטערצייכנען, אונטערשרייבען; זיין. א צייכען; דיענען אלס א פארבעדייטונג פון עפעס; געבען א צייכען אדער סיגנאל; ווינקען.

sig'nal *n., a. and v.* (סיג'-נעל) א סיגנאל, א צייכען; אויסגעצייכענט; מערקווירדיג; סיגנאליזירען, געבען א צייכען אדער סיגנאל; בעצייכנען, דיענען אלס צייכען.

sig'nal-book *n.* (סיג'-נעל-בוק) א בוך וואס ענטהאלט א סיסטעם פון סיגנאלען מיט ערקלערונגען ווי אזוי זיי צו געברויכען.

sig'nal-box *n.* (סיג'-נעל-באקס) א סיגנאל-טורם, א סיגנאל-הויז [צו געבען סיגנאלען אויף אן אייזענבאהן]; דאס ליארם-קעסטעל, דער טרעוואגע-אפאראט [פאר פאליציי אדער צו לאזען וויסען וועגען א פייער].

sig'nal-chest *n.* (סיג'-נעל-טשעסט) א סיגנאלען-קאסטען, א סיגנאלען-קאמער [צו האלטען די סיגנאל-פלאגען אויף א שיף].

sig'nal-code *n.* (סיג'-נעל-קאוד) דער קאדעקס אדער די סיסטעם פון סיגנאלען.

Sig'nal Corps (סיג'-נעל קאור) אין דער ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א בריגאדע סאלדאטען, וואס ריכטען איין די סיגנאליזאציאן [ווי אויפשטעלען טעלעגראפען, טעלעפאנען א. ד. ג.] אין דער צייט פון מלחמה.

sig'naler *n.* (סיג'-נעל-ער)
ז. *signaller*

signalet'ic *a.* (סיג-נע-לעט'-איק) וואס איז שייך צו די אלגעבראאישע צייכענס פלוס [+] און מינוס [—].

signalet'ic se'ries (סיג-נע-לעט'-איק סי'-ריז) א רייהע מאטעמאטישע אויסדריקע וואס ווערען בעטראכט בלויז אין בעצוג צו די צייכענס פלוס [+] אדער מינוס [—].

sig'nal-flag *n.* (סיג'-נעל-פלעג) איינער פון עטליכע פלאגען מיט פערשיעדענע קאלירען, וועלכע דיענען צו סיגנאליזירען.

sig'nalise *v.* (סיג'-נעל-איז)
ז. *signalize*

sig'nalist *n.* (סיג'-נעל-איסט) א סיגנאליסט, א סיגנאל-געבער.

sig'nalize *v.* (סיג'-נעל-איז) 1. אויסצייכנען, מאכען מערקווירדיג; אונטערשטרייכען; 2. בעצייכנען, אנדייטען.

2. Washington's entry into New York was signalized with elaborate festivities.

sig'nal-lamp *n.* (סיג'-נעל-לעמפ) דער סיגנאל-לאמפ; א לאמטערן וואס דיענט צו געבען סיגנאלען.

sig'naller *n.* (סיג'-נעל-ער) א סיגנאל-געבער; עטוואס מיט וואס מען גיט סיגנאלען.

sig'nally *adv.* (סיג'-נעל-אי) אויף אן אויסגעצייכענטען, מערקווירדיגען שטייגער.

sig'nalman *n.* (סיג'-נעל-מען) א סיגנאל-געבער.

sig'nal-post *n.* (סיג'-נעל-פאוסט) א סלופ, צו וועלכען עס זיינען צוגעריכט פלאגען אדער לאמטערנען, וואס דיענען אלס סיגנאלען.

sig'nal-rock'et *n.* (סיג'-נעל-ראק'-עט) א סיגנאל-ראקעטע.

sig'nal-ser'vice *n.* (סיג'-נעל-סויר'-ווים) די סיגנאל-דיענסט, די דיענסט אין ארמעע וואס האט א שייכות צום געבען סיגנאלען.

sig'natary *a. and n.* (סיג'-נע-טע-רי)
ז. *signatory*

sig'nate *a.* (סיג'-נייט) בעשטימט; בעדעקט מיט בוכשטאבען-ענהליכע פלעקען [וועגען אינזעקטען].

signa'tion *n.* (סיג-ניי'-שאן) א צייכען, א סימבאל, אן עמבלעם.

sig'natory *a. and n.* (סיג'-נע-טא-רי) וואס איז פערבונדען מיט אן אונטערשריפט צו די בעדינגונגען פון אן אבמאך אדער קאנטראקט; דער צד אין אן אבמאך וואס האט זיך פערפליכטעט מיט אן אונטערשריפט [ספעציעל בנוגע צו מלוכות, וועלכע שליסען צווישען זיך אן אבמאך].

sig'nature *n.* (סיג'-נע-טשור) אן אונטערשריפט, א חתימה, די אונטערצייכנונג; א סיגנאטור, א צייכען; א בוכשטאב אדער ציפער וואס ווערט געשטעלט ביים ענד פון יעדען געדרוקטען בויגען, כדי דער איינבינדער זאל קיין טעות נים האבען ביים צוזאמענלעגען די אבגעדרוקטע בויגענס פון א בוך; א צונויפגעלעגטער אבגעדרוקטער בויגען פאפיער; די שליסעל-צייכענס אין מוזיק וואס בעשטימען די טאן-ארט; א צייכען ענהליך צו א בוכשטאב [ביי אינזעקטען].

sign'-board *n.* (סאינ'-באורד) א פלאקאטען-ברעט, א שילד-ברעט.

sign'er *n.* (סאינ'-ער) אן אונטערצייכנער, אן אונטערשרייבער; איינער וואס גיט זיין אונטערשריפט.

sig'net *n.* (סיג'-נעט) א זיגעל, א האנד-זיגעל.

sig'net-ring *n.* (סיג'-נעט-רינג) א רינג מיט א זיגעל אדער חתימה.

sig'nifiable *a.* (סיג'-ני-פאי-עבל) וואס קען בעצייכענט ווערען; וואס קען פארגעשטעלט ווערען דורך סמנים אדער צייכענס.

signif'icance *n.* (סיג-ניפ'-אי-קענס) דער זין, דער מיין, די בעדייטונג; די וויכטיגקייט; דאס זיין בעדייטענד, דאס זיין וויכטיג.

signif'icancy *n.* (סיג-ניפ'-אי-קענ-סי)
ז. *significance*

signif'icant *a.* (סיג-ניפ'-אי-קענט) בעדייטענד, אנדייטענד; וויכטיג.

signif'icantly *adv.* (סיג-ניפ'-אי-קענט-לי) בעדייטענדיג; מיט אן אנדייטונג.

significa'tion *n.* (סיג-ני-פי-קיי'-שאן) די בעדייטונג, די אנדייטונג.

signif'icative *a.* (סיג-ניפ'-אי-קע-טיוו)
ז. *significant*

signif'icatively *adv.* (סיג-ניפ'-אי-קע-טיוו-לי) דורך אנדייטונג; אויף אן אנדייטענדען שטייגער.

signif'icator *n.* (סיג-ניפ'-אי-קיי-טאר) אן אנדייטער, איינער אדער עפעס וואס דייטעט אן אדער לאזט וויסען דורך ווערטער, צייכענס א. ד. ג.

signif'icatory *n.* (סיג-ניפ'-אי-קע-טא-רי) דער צייכען, די אנדייטונג.

sig'nifier *n.* (סיג'-ני-פאי-ער) אן אנ-

דייטער, איינער אדער עפעס וואס דייטעט אן.

sig'nify *v.* (סיג'-ני-פאי) 1. בעצייכנען, בעדייטען; 2. אנדייטען.
1. This statement does not **signify** anything. 2. "All those in favor please **signify** by saying aye".

si'gnior *n.* (סי'-ניאר) ז. *signor*

sign man'ual (סאין מענ'-יו-על) אן אונטערשריפט מיט דער אייגענער האנד [וועגען אן אפיציעלען דאקומענט, אונטער וועלכען דער קעניג אדער דאס מאגיסטראט האט זיך אליין אונטערגעשריעבען]; עטוואס וואס שפיגעלט אב אדער דריקט אויס דעם כאראקטער אדער די אינדיווידואליטעט פון א געוויסער פערזאן.

sign of exclama'tion (סאין אוו עקס-קלע-מיי'-שאן) אן אויסרופס-צייכען [!].

sign of interroga'tion (סאין אוו אין-טער-א-גיי'-שאן) א פראגע-צייכען [?].

si'gnor *n.* (סי'-ניאר) א סיניאר [אן איטאליענישער אדעלמאן אדער אריסטאקראט]; א העררר, אן אדעלמאן; העררר [א טיטול פאר דעם נאמען אין איטאליען].

signo'ra *n.* (סי-ניאו'-רא) סיניארא, מאדאם [א טיטול פון א פרוי אין איטאליען בעת מען רופט זי מיט'ן נאמען].

signori'na *n.* (סי-ניא-רי'-נא) סיניארינא, פריילין, מאדמואזעל [א טיטול פון א מיידעל בעת מען רופט זי מיט'ן נאמען].

sign'-post *n.* (סאינ'-פאוסט) א זייל אדער סלופ [ווי נעבען אן אכסניא], אויף וועלכען עס הענגט א שילד.

signs of quota'tion (סאינז אוו קהווא-טיי'-שאן) ציטירונגס-צייכען אדער געגזענפיסלעך [די צייכענס „ " אין וועלכע עס ווערען איינגעשלאסען אן אנדערענס ווערטער אדער ווערטער וועלכע ווערען ציטירט פון אנדערסוואו].

si'ka *n.* (סי'-קא) דער סיקא, א מין יאפאנעזישער הירש.

sil *n.* (סיל) געלבער אקער [אזא געלבער ליים וואס האט אמאל געדיענט אלס פארב ביי מאלער].

si'lage *n. and v.* (סאי'-לעדזש) ז. *ensilage*

sile *n.* (סאיל) א זיפ, א רעשעטע; א זייערעל, א פילטער [פאר פליסיגקייטען]; דאס וואס בלייבט פון דורכזיפען אדער דורכזייען; פסלת, שמוץ.

si'lence *n. and v.* (סאי'-לענס) שטילקייט; דאס שווייגען, שווייגזאמקייט; פערשוויגענקייט, פערבארגענקייט, פערגעסענהייט; אין מוזיק — א פויזע; מאכען צו שווייגען, שטיל מאכען; איינשטילען.

si'lencer *n.** (סאי'-לען-סער) איינער וואס שטילט איין; דער אדער דאס וואס מאכט שווייגען; א בערוהיגער.

si'lent *a.* (סאי'-לענט) שווייגענד, שטום; ניט בערעדעוודיג; וואס זאגט גארנישט וועגען א געוויסען געגענשטאנד; וואס קען קיין דעה ניט זאגען; אהן רייד; שטיל, רוהיג.

si'lently *adv.* (סאי'-לענט-לי) אויף א שווייגענדען, שטומען שטייגער.

si'lentness *n.* (סאי'-לענט-נעס) דאס שווייגען, דאס זיין שטיל.

si'lent part'ner (סאי'-לענט פארט'-נער) א שטילער שותף [א שותף אין א געשעפט, וועלכער נעהמט ניט קיין טהעטיגען אנטייל אין דער פיהרונג פון געשעפט].

sile'sia *n.* (סי-לי'-שיא) סילעזישע לייווענד; אזא באוועל-צייג.

si'lex *n.* (סאי'-לעקס) ז. *silica*

silhouette' *n. and v.* (סיל-או-עט') א סילועט, א בילד וואס שטעלט פאר דעם שאטען פון דעם געגענשטאנד, וועלכען מען מאלט; דער פראפיל פון א געגענשטאנד, וואס איז בעדעקט מיט א שווארצען קאליר; מאכען א סילועט; געבען דעם סילועט אדער שאטען-בילד פון עפעס.

sil'ica *n.* (סיל'-אי-קא) קיזעל-זויערע, קרעמען-זויערע [זעהר א הארטער ווייסער אדער קאלירלאזער שטאף, וואס געפינט זיך אין פעלזען אין דער פארם פון קווארץ, אפאל א. ד. ג.].

sil'icate *n.* (סיל'-אי-קייט) סיליקאט, א זאלץ פון קיזעל-זויערע. ז. *silica*

silic'ic *a.* (סי-לים'-איק) וואס איז שייך צו קיזעל-זויערע. ז. *silica*

sil'icide *n.* (סיל'-אי-סיד) א כעמישע פערבינדונג פון סיליציום מיט אן אנדער עלעמענט. ז. *silicon*

silicif'erous *a.* (סיל-אי-סיפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט אין זיך קיזעל אדער קרעמען.

silicifica'tion *n.* (סי-לים-אי-פי-קיי'-שאן) דאס פערוואנדלען אין קיזעל-זויערע.

silic'ify *v.* (סי-לים'-אי-פאי) פערוואנדלען אין קיזעל-זויערע. ז. *silica*

sili'cious *a.* (סי-ליש'-אס) קרעמעניסטע, קיזעלדיג.

sili'cium *n.* (סי-ליש'-אי-אם) סיליציום. ז. *silicon*

sil'icle *n.* (סיל'-איקל) אין באטאניק — א קליינער שויט [סטרוטשקע]. ז. *silique*

sil'icon *n.* (סיל'-אי-קאן) סיליציום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען, וואס האט דעם אויסזעהן פון א טונקעל-גרויען פולווער].

sil'iconize *v.* (סיל'-אי-קאנ-איז) פערבינדען מיט סיליציום. ז. *silicon*

silic'ula *n.* (סי-ליק'-יו-לא) ז. *silicle*

sil'icule *n.* (סיל'-אי-קיול) ז. *silicle*

silic'ulose *a.* (סי-ליק'-יו-לאוס) שויטען-פערמיג, ווי א סטרוטשקע.

silic'ulous *a.* (סי-ליק'-יו-לאס) ז. *siliculose*

sil'iqua *n.* (סיל'-אי-קהווא) א הילז, א שויט, א סטרוטשקע; א קאראט [א געוויכט צו וועגען גאלד און עדעלשטיינער].

silique' *n.* (סי-ליק') א שויט, א סטרוטשקע, א הילז.



Silique

sil'iquiform *a.* (סיל'-אי-קהווי-פארם) וואס האט די פארם פון א שויט אדער סטרוטשקע.

sil'iquous *a.* (סיל'-אי-קהוואס) הילזיג, שויטיג; פון שויטען, פון סטרוטשקעס.

silk *n. and a.* (סילק) זייד; זייד-פאדים; זיידען, א זיידענער, געמאכט פון זייד.

silk'-cot'ton *n.* (סילק'-קאט'ן) זיידען-באוועל [אזא באוועל, וואס ווערט געברויכט אנצושטאפען קישענס א. ד. ג., אבער מען שפינט ניט פון איהר קיין פאדים].

silk'-cot'ton tree (סילק'-קאט'ן טריע) א בוימעל, אויף וועלכען עס וואקסט זיידען-באוועל. ז. *silk-cotton*

sil'ken *a.* (סילקן) זיידען; זיידען-ארטיג; ווייך, צארט, זאנפט, בויגזאם; געקליידעט אין זיידענס; וואס לעבט אין לוקסוס; פערשווענדעריש.

silk'-fac'tory *n.* (סילק'-פעק'-טא-רי) א זיידען-פאבריק.

silk'-fowl *n.* (סילק'-פאול) אזא הוהן מיט זעהר ווייכע און גלאנציגע פעדערען.

silk'-gland *n.* (סילק'-גלענד) א דריזע, וועלכע טיילט אויס זייד-שטאף [ווי ביי דעם זייד-ווארים].

silk gown (סילק גאון) דער זיידענער מאנטעל פון אן ענגלישען רעגיערונגס-ראטה; אן אדוואקאט וואס איז בעשטימט פון לארד-קאנצלער אלס רעגיערונגס-ראטה.

silk'-grass *n.* (סילק'-גרעס) די פאלמען-ליליע [זעהר א שעהנע גארטען-פלאנצע פון מעקסיקא און וועסט-אינדיען. ז. איל.]; זייד-גראז [אזא אמעריקאנישעס גראז].

Silk-grass

silk'-grow'er *n.* (סילק'-גראו'-ער) א ציכטער פון זייד-ווערים, איינער וואס האדעוועט זייד-ווערים [כדי צו בעקומען זייד].

silk'-hat *n.* (סילק'-העט) א צילינדער-הוט.

silk'-hen *n.* (סילק'-הען) ז. *silk-fowl*

sil'kiness *n.* (סיל'-קי-נעס) דאס זיין זיידען-ארטיג; דאס זיין ווי זייד; ווייכקייט; ווייבערישקייט, פערצערטעלטקייט, שוואכהערציגקייט.

silk'man *n.* (סילק'-מען) א הענדלער מיט זיידען-סחורות; איינער וואס איז בעשעפטיגט אין דער פראדוקציאן פון זיידען-סחורות; א דירעקטאר פון א זיידען-פאבריק.

silk'-mer'cer *n.* (סילק'-מויר'-סער) א הענדלער מיט זיידען-סחורות.

silk'-mill *n.* (סילק'-מיל) א זיידען-פאבריק.

silk'-reel *n.* (סילק'-ריעל) א מאשין, וועלכע נעהמט ארונטער רויהע זייד פון די קאקאנס און שפינט זייד-פאדים.

silk'-sor'ting machine' (סילק'-סאהר'-טינג מע-שין') א מאשין צו סארטירען זיידענע פעדים לויט זייער דיקקייט און זיי אנוויקלען אויף שפולען.

silk'-stock'ing *a. and n.* (סילק'-סטאק'-אינג) וואס טראגט זיידענע זאקען; אריסטאקראטיש, פעראיידעלט, פערצערטעלט; אן אריסטאקראט, איינער וואס לעבט אין לוקסוס.

silk'-wea'ver *n.* (סילק'-הוויע'-ווער) א זיידען-וועבער.

silk'-win'der *n.* (סילק'-הוואינ'-דער) ז. *silk-reel*

silk'worm *n.* (סילק'-הוואירם) א זייד-ווארים.

sil'ky *a. and n.* (סיל'-קי) פון זייד; זיידינג; אין באטאניק — בעדעקט מיט זיידען-ארטיגע האר; גלאט ווי זייד; אזא הוהן מיט זעהר ווייכע און גלאנציגע פעדערען.

sill *n.* (סיל) א שוועל [פון א טהיר]; דער אונטערשטער האריזאנטאלער טייל פון ראהם פון א פענסטער א. ד. ג.

sil'labub *n.* (סיל'-ע-באב) ז. ***sillibub***

sil'libub *n.* (סיל'-אי-באב) א געריכט פון מילך מיט וויין, ביער און צוקער.

sil'lily *adv.* (סיל'-אי-לי) אויף א דומען, נארישען אופן.

sil'liness *n.* (סיל'-אי-נעס) דומהייט, נארישקייט.

sil'lograph *n.* (סיל'-א-גרעף) א סילא-גראף, א סאטיריקער, א שרייבער פון סאטירישע פאעמען.

sillom'eter *n.* (סי-לאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שנעלקייט פון דעם גאנג פון א שיף.

sil'lon *n.* (סיל'-אן) א פארוואנד פון ערד אין א פעסטונג צו שיצען דעם שוואכען טייל פון א פעסטונגס-ווערק.

sil'ly *a. and n.* (סיל'-אי) דום, נאריש; א דומער יונג.

sil'ly sea'son (סיל'-אי סיעזן) א צייט ווען עס איז ניטא קיין וויכטיגע נייעס און די צייטונגס-ארויסגעבער פילען אן זייערע צייטונגען מיט ניט וויכטיגע מאטעריאלען און אפט מיט נארישע מעשיות און ערצעהלונגען.

si'lo *n. and v.* (סאי'-לאו) דער קארן-קעלער [א טיעפער פערמאכטער גרוב אדער אזא געביידע, וואו עס קומט ניט אריין קיין לופט און וואסער און וואו פוטער אדער גרינסען ווערען געהאלטען און פערבלייבען א לאנגע צייט פריש און גרין]; האלטען תבואה אין א קארן-קעלער. ז. ***ensilage***

Silo

silphol'ogy *n.* (סיל-פאל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער לארווא [אינזעקטען-ווערימלעך]. ז. ***larva***

silt *n. and v.* (סילט) בלאטע, שלאם; בעדעקען אדער בעדעקט ווערען מיט שלאם.

sil'ty *a.* (סיל'-טי) פול מיט שלאם; עהנליך צו שלאם.

silure' *n.* (סי-ליור') ז. ***sheat-fish***

silu'ridan *n. and a.* (סי-ליו'-רי-דען) א וועלס אדער סאם [אזא גרויסער טייך-פיש]; וואס האט די פארם אדער די אייגענשאפטען פון א וועלס אדער סאם. ז. ***sheat-fish***

sil'va *n.* (סיל'-ווא) ז. ***sylva***

sil'van *a. and n.* (סיל'-ווען) ז. ***sylvan***

sil'ver *n., a. and v.* (סיל'-ווער) זילבער; א זילבערנע מטבע; געלד; זילבערנע געשיר; א זילבערנע כלי; אין פאטאגראפיע — א זילבער-זאלץ וואס מאכט דעם נעגאטיוו אדער דאס פאפיער עמפפינדליך צו ליכט; עטוואס וואס איז עהנליך צו זילבער [אין גלאנץ]; געמאכט פון זילבער; זילבערנער; עהנליך צו זילבער [אין גלאנץ, קלאנג א. ז. וו.]; גלאנציג, שיינענד; צארט, פריעדליך, רוהיג; בעזילבערען, בעדעקען מיט זילבער; בעדעקען מיט עטוואס וואס איז עהנליך צו זילבער; בעדעקען מיט פאליע [א געמיש פון צין און קוועקזילבער צו בעדעקען שפיעגלען]; צוגעבען א זילבער-גלאנץ; מאכען גרוילינג.

sil'ver-bass *n.* (סיל'-ווער-בעס) א מין אמעריקאנער טייך-פיש מיט זילבער-ווייסע שופען. ז. ***mooneye***

sil'ver-bath *n.* (סיל'-ווער-בעטה) אין פאטאגראפיע — א לעזונג פון זילבער-אקסיד [צו מאכען דאס גלאז אדער דאס פאפיער עמפפינדליך צו ליכט]; א כלי צו האלטען דיעזע לעזונג.

sil'ver-beat'er *n.* (סיל'-ווער-ביעט'-ער) א זילבער-שלעגער [וואס קלאפט אויס בלאט-זילבער].

sil'verberry *n.* (סיל'-ווער-בער-אי) די זילבער-יאגדע [אזא אמעריקאניש בוימעל מיט שמעקעדיגע זילבער-בלעטלעך און עסבארע זילבער-יאגדעס].

sil'ver-black *a.* (סיל'-ווער-בלעק) שווארץ בעשפרענקעלט מיט זילבער-גרוי.

sil'ver-boom *n.* (סיל'-ווער-בוהם) ז. ***silver-tree***

sil'ver-bush *n.* (סיל'-ווער-בוש) דער זילבער-בוש אדער יופיטער'ס בארד [אזא שעהנער אייראפעאישער קוסט מיט זילבער-בלעטלעך].

sil'verchain *n.* (סיל'-ווער-טשיין) די פאלשע אקאציע. ז. ***locust-tree***

sil'verer *n.* (סיל'-ווער-ער) א בעזילבערער; א פאליערער [איינער וואס לעגט ארויף פאליע אויף שפיעגלען].

silverette' *n.* (סיל-ווע-רעט') א מין שעהנע הויז-טויב.

sil'verfin *n.* (סיל' ווער-פין) א מין סארדעל. ז. ***minnow***

sil'ver fir (סיל'-ווער פויר) דער זילבער-טאנענבוים [אזא טאנענבוים מיט א ווייכען ווייסען האלץ און מיט צוויי זילבער-שטריכען אויף די בלעטער].

sil'verfish *n.* (סיל'-ווער-פיש) דער זילבער-פיש [א נאמען פון פערשיעדענע פיש מיט זילבער-ווייסע שופען]; א מין הויז-אינזעקט וואס צופרעסט ביכער, טאפעטען [אביטשעס, שפאליער] א. ז. וו.

sil'ver-foil *n.* (סיל'-ווער-פאיל) זילבער-בלאט [דין אויסגעקלאפטער זילבער].

sil'ver fox (סיל'-ווער פאקס) דער זילבער-פוקס [אזא פוקס מיט א שווארצער גרוי געשפרענקעלטער פעל].

sil'ver-gilt *n.* (סיל'-ווער-גילט) בעגילטער זילבער; א נאכגעמאכטע בעגילדונג פון זילבער.

sil'ver-glance' *n.* (סיל'-ווער-גלענס') זילבער-גלאנץ [נאטירליכער זילבער-סולפיד אדער א פערבינדונג פון שוועבעל-זויערע מיט זילבער].

sil'ver-gray' *a. and n.* (סיל'-ווער-גריי') זילבער-גרוי [א געמיש פון שווארץ און זילבער-ווייס]; א זילבער-גרויער קאליר.

Sil'ver-Gray *n.* (סיל'-ווער-גריי) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא — איינער פון דעם קאנסערוואטיווען פליגעל פון דער וועהיג-פארטיי [נאך דער נידערלאגע פון דער פארטיי ביי די וואהלען פון יאהר 1852].

sil'ver-haired *a.* (סיל'-ווער-העהרד) זילבער-האריג; וואס האט ווייסע אדער גלאנציג-גרויע האר.

sil'verhead *n.* (סיל'-ווער-העד) די זילבער-שטערן-מיערע [אזא פלאנצע]. ז. ***chickweed***

sil'ver-head'ed *a.* (סיל'-ווער-העד'-עד) וואס האט זילבער-ווייסע אדער זילבער-גרויע האר אויף'ן קאפ; מיט א זילבערנעם קאפ [ווי א שטעקען].

sil'veriness *n.* (סיל'-ווער-אי-נעס) 1. דאס זיין פון זילבער; דאס ענטהאלטען זילבער; 2. עהנליכקייט צו זילבער.

2. The picture is remarkable for its broad and pure silveriness.

sil'vering *n.* (סיל'-ווער-אינג) בעזילבערונג; אין פאטאגראפיע — דאס אנזאפען מיט א זילבער-זאלץ [אום צו מאכען עמפפינדליך צו ליכט].

sil'verite *n.* (סיל'-ווער-איט) אן אנהענגער פון דעם געברויך פון זילבער אלס געלד גלייך מיט גאלד; אין די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא — איינער וואס איז נעגען דעם, אז מען זאל אבשאפען דעם געברויך פון זילבער אלס געלד און פאדערט ענטוועדער זילבער זאל געברויכט ווערען גלייך מיט גאלד אדער אז זילבער-געלד זאל, אם ווענינגסטענס, געברויכט ווערען אין א בעדייטענדער צאהל.

sil'verize *v.* (סיל'-ווער-איז) בעזילבערען; מאכען עהנליך צו זילבער; בעדעקען מיט פאליע. ז. ***silver***

sil'ver-king *n.* (סיל'-ווער-קינג) ז. ***tarpon***

sil'ver-leaf *n.* (סיל'-ווער-ליעף) זילבער-בלאט [דין אויסגעקלאפטער זילבער]; דער ווייסער פאפעל-בוים [טאפאל].

sil'ver-leafed *a.* (סיל'-ווער-ליעפט) מיט זילבער-קאלירטע בלעטער [וועגען פלאנצען].

sil'verless *a.* (סיל'-ווער-לעס) וואס האט נים קיין זילבער; וואס האט ניט קיין געלד.

sil'verling *n.* (סיל'-ווער-לינג) א זילבערנע מטבע; א שקל אדער האלבער שקל [אמאל ביי אידען].

sil'verly *adv.* (סיל'-ווער-לי) אזוי ווי זילבער, זילבער-עהנליך [אין קלאנג אדער אויסזעהן].

sil'vern *a.* (סיל'-ווערן) זילבערן, געמאכט פון זילבער, עהנליך צו זילבער.

Speech is silvern, silence is golden.

sil'ver-owl *n.* (סיל'-ווער-אול) דער ווייסער נאכט-פויגעל [איילע, סאווא]. ז. ***barn-owl***

sil'ver-pa'per *n.* (סיל'-ווער-פיי'-פער) ווייסעס זיידען-פאפיער פון העכערען זארט.

sil'ver-plat'ed *a.* (סיל'-ווער-פלייט'-עד) געזילבערט, געדעקט מיט זילבער.

sil'ver-plat'er *n.* (סיל'-ווער-פלייט'-ער) א בעזילבערער, איינער וואס דעקט אדער בעציהט מיט זילבער.

sil'ver-print *n.* (סיל'-ווער-פרינט)

פאטאגראפישעס פאפיער פרעפארירט מיט זילבער־זאלין.

sil'ver-shaft'ed *a.* (סיל'־ווער־שעפט־עד) וואס טראגט זילבערנע פיילען [ווע־גען דער אלט־רוימישער געטין דיאנא].

sil'versides *n.* (סיל'־ווער־סאידז) א זילבער־פיש, א פיש וואס האט א זיל־בער־ווייסען שטרייף אויף די זייטען.

sil'versmith *n.* (סיל'־ווער־סמיטה) א זילבער־שמיעד, א זילבער־ארבייטער.

sil'ver-sold'er *n.* (סיל'־ווער־סאד־ער) א שטאף צו לייטען זילבער.

sil'verspot *n.* (סיל'־ווער־ספאט) א זומער־פויגעלע מיט זילבער־ווייסע פלעקען.

sil'ver-sprig *n.* (סיל'־ווער־ספריג) דער זילבער־קראליק [אזא קראליק מיט זילבער־גרויע האר]; די פעל פון דעם זילבער־קראליק.

Sil'ver State (סיל'־ווער סטייט) דער שטאאט נעווארא [איינער פון די פעראיי־ניגטע שטאאטען פון אמעריקא. ווערט אזוי גערופען צוליעב די זילבער־מינען, וועלכע געפינען זיך דארטען].

sil'ver-stick *n.* (סיל'־ווער־סטיק) א בעאמטער פון ענגלישען קעניגליכען הויף.

sil'vertail *n.* (סיל'־ווער־טייל) ז. *silver-witch*.

sil'ver-tongue *n.* (סיל'־ווער־טאנג) ז. *song-sparrow*.

sil'ver-tongued *a.* (סיל'־ווער־טאנגד) מיט א שארפען צונג; וואס רעדט שעהן.

sil'ver-top *n.* (סיל'־ווער־טאפ) אזא קראנקהייט ביי גראזען, ווען זייערע אויבערשטע טיילען ווערען ווייס און פער־וועלקט.

sil'ver-tree *n.* (סיל'־ווער־טריע) דער זילבער־בוים [אזא בוים מיט זילבער־ווייסע בלעטער].

sil'verware *n.* (סיל'־ווער־הוועהר) זיל־בערנע ארטיקלען; זילבער־געשיר.

sil'ver-washed *a.* (סיל'־ווער־הוואשט) ווי בעדעקט מיט זילבער; ווי בעדעקט מיט פראסט־טהוי.

sil'ver wed'ding (סיל'־ווער הוועד־אינג) די זילבערנע האכציים [25 יאהר נאך דער חתונה].

sil'ver-white *n.* (סיל'־ווער־הוואיט) זילבער־ווייס [א מין ווייסער בליי].

sil'ver-witch *n.* (סיל'־ווער־הוויטש) אזא קליינער הויז־אינזעקט וואס צופרעסט ביכער, טאפעטען א. ז. וו. ז. *silverfish*.

sil'ver-work *n.* (סיל'־ווער־הווארק) זילבער־ארבייט, זילבער־ארנאמענטען; זיל־בער־געשיר.

sil'very *a.* (סיל'־ווער־אי) זילבערדיג; וואס ענטהאלט זילבער, בעדעקט אדער בע־שפרענקעלט מיט זילבער; פון זילבער־קאליר; פון א זילבער־קלאנג, העל־קלינ־גענד.

Sil'very Gray (סיל'־ווער־אי גריי) ז. *Silver-Gray*.

sil'viculture *n.* (סיל'־ווי־קאל־טשור) ז. *sylviculture*.

si'ma *n.* (סאי'־מא) — אין ארכיטעקטור דער אויבערשטער טייל פון א קארניז. ז. *cyma*.

simar' *n.* (סי־מאר') א לייכטער פרויען־מאנטעל.

Simaru'ba *n.* (סים־ע־רו'־בא) דער סימארובא־בוים [א מין בוימער, צו וועל־כע עס בעלאנגען די קוואסיא־בוימער]. ז. *Quassia*.

sim'bere *n.* (סים'־ביער) ז. *simbil*.

sim'bil *n.* (סים'־ביל) דער ווייס־בייכי־גער אפריקאנישער שטארך. ז. *stork*.

sim'blin *n.* (סים'־בלין) ז. *simlin*.

sim'bling *n.* (סים'־בלינג) ז. *simlin*.

Sim'ia *n.* (סים'־אי־א) דער מין אראנג־אוטאנגען [אזעלכע אפען]. ז. *orang-outang*.

sim'ian *a. and n.* (סים'־אי־ען) אפיש, מאלפיש; וואס איז שייך צו די מענשען־עהנליכע אפען; אן אפע, א מאלפע; א מענשען־עהנליכע אפע.

Simi'idæ *n.* (סי־מאי'־אי־דיע) דער מין מענשען־עהנליכע גרויסע אפען [הויפטזאכ־ליך דער מין גיבאנען. ז. *gibbon*].

sim'ilar *a. and n.* (סים'־אי־לאר) עהנ־ליך, גלייכארטיג; אן עהנליכע זאך.

similar'ity *n.* (סים־אי־לער'־אי־טי) עהנליכקייט, גלייכארטיגקייט; אן עהנליכ־קייט.

sim'ilarly *adv.* (סים'־אי־לאר־לי) מיט עהנליכקייט, אויף אן עהנליכען אופן.

I am similarly situated as you.

sim'ile *n. and adv.* (סים'־אי־ליע) אין רעטאריק — א גלייכניס, א פערגלייכניס, א פערגלייך, א צוגלייך; אין מוזיק — אויף דעמזעלבען אדער עהנליכען שטייגער.

sim'ile-mark *n.* (סים'־אי־ליע־מארק) א ווידערהאלונגס־צייכען אין מוזיק.

Simile-mark

simil'ia *n.* (סי־מיל'־אי־א) עהנליכע זאכען. ז. *simile*.

simil'iter *adv.* (סי־מיל'־אי־טער) אויף אן עהנליכען שטייגער; אין געריכטס־פער־האנדלונגען — אננעהמענדיג דעם קלע־גער'ס שטרייט־פונקט.

simil'itude *n.* (סי־מיל'־אי־טיוד) א עהנליכקייט; א פערגלייך, א פערגלייכונג; א נאכבילדונג; א ריכטיגע קאפיע פון א האנדשריפט.

similitu'dinary *a.* (סי־מיל־אי־טיו'־די־נע־רי) וואס איז שייך צו א פערגלייך אדער צום געברויך פון א פערגלייך; וואס בעצייכענט אדער מאכט א פערגלייך.

sim'ilor *n.* (סים'־אי־לאהר) סימילאר, מאנהיימער גאלד אדער פרינץ־מעטאל [א גאלד־געלבע מישונג פון קופער און צינק].

sim'ioid *a.* (סים'־אי־איד) ז. *simious*.

sim'ious *a.* (סים'־אי־אס) אפיש, מאל־פיש; וואס איז שייך צו די מענשען־עהנ־ליכע אפען.

sim'itar *n.* (סים'־אי־טאר) א קורצע, קרומע טערקישע שווערד.

sim'itared *a.* (סים'־אי־טארד) שווערד־פערמיג; געבויגען ווי א טערקישע שווערד.

sim'itar-pod *n.* (סים'־אי־טאר־פאד) אזא פאסאליע פון די הייסע לענדער. ז. *sea-bean*.

sim'lin *n.* (סים'־לין) א מין געבעקס [וואס קריסטען עסען געוועהנליך אום ווייהנאכט, פאסכא אדער אום פיערטען זונ־טאג פון פאסט־צייט]; אזא מין קליינער מעלאן־קירבעס.

sim'mer *v. and n.* (סים'־ער) אנהויבען אויפצוזידען; זשומען ווי ביים אויפזי־דען; אונטערהיצען; פערקאכען; האלטען ביים אויספלאצען [פון כעס]; דאס זשו־מען [ביים אויפזידען].

sim'nel *n.* (סים'־נעל) ז. *simlin*.

sim'nel bread (סים'־נעל ברעד) אזא געבעקס. ז. *simlin*.

Sim'nel Sun'day (סים'־נעל סאנ'־דיי) דער פיערטער זונטאג פון דער קריסטלי־כער פאסט־צייט.

simo'niac *n.* (סי־מאו'־ני־עק) איינער וואס קויפט אדער פערקויפט קירכען־עמ־טער; איינער וואס האנדעלט מיט הייליג־קייטען.

simoni'acal *a.* (סים־א־נאי'־ע־קעל) שולדיג אין סימאניע [דאס קויפען אדער פערקויפען קירכליכע עמטער אדער האנד־לען מיט הייליגקייטען]; וואס איז שייך צו סימאניע; וואס האנדעלט מיט הייליג־קייטען.

simoni'acally *adv.* (סים־א־נאי'־ע־קעל־אי) בעגנעהענדיג דעם פערברעכען פון סימאניע, אויף'ן אופן פון סימאניע [דאס האנדלען מיט הייליגקייטען, דאס קויפען אדער פערקויפען קירכליכע עמטער].

si'mon-pure' *a.* (סאי'־מאן־פיור') עכט, אמת'דיג, ריכטיג.

He is a simon-pure Indian.

sim'ony *n.* (סים'־א־ני) סימאניע, די זינד פון האנדלען מיט הייליגקייטען; די זינד פון קויפען אדער פערקויפען קירכ־ליכע עמטער.

simoom' *n.* (סי־מוהם') דער סאמום [אזא שטיקענדער, הייסער מדבר־ווינד].

simoon' *n.* (סי־מוהן') ז. *simoom*.

simos'ity *n.* (סאי־מאס'־אי־טי) פלאכ־נאזיגקייט; דאס האבען א פלאטשיגע אדער פערריסענע נאז; דאס זיין קאנקאוו [אויס־געבויגענקייט נאך אינעווייניג].

si'mous *a.* (סאי'־מאס) פלאכנאזיג, וואס האט א פלאטשיגע נאז; וואס האט א פערריסענע נאז; קאנקאוו, געבויגען נאך אינעווייניג.

sim'per *v. and n.* (סים'־פער) שמייכלען מיט א געמאכטען אדער נארישען שמיי־כעל; א געמאכטער אדער נארישער שמיי־כעל.

sim'perer *n.* (סים'־פער־ער) איינער וואס שמייכעלט מיט א געמאכטען אדער נארישען שמייכעל.

sim'pering *a.* (סים'־פער־אינג) וואס שמייכעלט מיט א געמאכטען אדער נארי־שען שמייכעל; געמאכט, אפעקטירט, כלומר'שדיג; נאריש.

sim'peringly *adv.* (סים'־פער־אינג־לי) מיט א געמאכטען אדער נארישען שמיי־כעל.

sim'ple *a., n. and v.* (סימפל) איינפאך, פשוט; ניט בעציערט, ניט געקינסטעלט; אויפריכטיג, אפענהערציג; אונענטוויקעלט; ניט איבערשפיצט, נאריש, לייכט, פער־שטענדליך; ניט קאמפליצירט; נידריג, ארים; ניט געמישט, ניט צוזאמענגעזעצט; אונוויכטיג; א סימפלום, א סימפלעקס [א ניט־געמישטע אדער ניט־צוזאמענגעזעצטע זאך, אן עלעמענט]; א הייל־פלאנצע; א קרייטער־מעדיצין; זאמלען הייל־קרייטי־כער.

sim'ple con'tract (סימפל קאנ'־טרעקט) א מינדליכער אבמאך, א ניט גע־שריבענער אדער א ניט אונטערגעשריבע־נער אבמאך.

sim'ple frac'tion (סימפל פרעק'־שאן) א געוועהנליכע ברוך־צאהל [ווי $\frac{2}{5}$ $\frac{3}{4}$ א. ז. וו., אין געגענזאץ צו א דאפעל־ברוך־צאהל, וואס קומט פון טיילען א ברוך־צאהל אויף א ברוך־צאהל, ווי $\frac{\frac{1}{2}}{\frac{2}{3}}$].

sim'ple-heart'ed *a.* (סים'־פל־הארט־עד) אויפריכטיג, ערנסט; גוטהארציג.

sim'ple in'terest (סימפל אינ'־טער־עסט) איינפאכע פראצענטען, קאפיטאל־פראצענטען [אין געגענזאץ צו פראצענט פון פראצענט].

sim'ple lar'ceny (סימפל לאר'־סע־ני) איינפאכע גנבה [וואס איז ניט דורכגע־

פיהרט אונטער אומשטענדען וואס מאכען שווערער די שולד].

sim'ple leaf (סימפל ליעף) אַן איינפאַך בלאַט [וואס בעשטעהט פון איין טייל].

sim'ple med'icine (סימפל מעד'-אי־סין) אַ ניט געמישטעס אדער ניט צוזאַמענגעזעצטעס הייל־מיטעל, אַ מעדיצין וואס בעשטעהט פון איין מין.

sim'ple-mind'ed *a.* (סימ'פל-מאינד'-עד) איינפאַך, ניט איבערגעשפיצט, אהן חכמות.

sim'ple-mind'edness *n.* (סימ'פל-מאינד'-עד-נעס) איינפאַכקייט, דאָס זיין ניט איבערגעשפיצט.

sim'pleness *n.* (סימ'פל-נעס) ז. ***simplicity***

sim'ple num'ber (סימפל נאַמ'-בער) אַן אבסטראַקטע צאָהל [סתם אַ צאָהל, ניט אַ צאָהל פון געוויסע זאַכען].

sim'pler *n.* (סימ'-פלער) אַ קרייטער־זאַמלער, אַ זאַמלער פון הייל־גראָזען.

sim'ples *n.* (סימפלז) 1. הייל־קרייטיכער; קרייטער־מעדיצין; ניט צוזאַמענגעזעצטע זאַכען; 2. נאַרישקייט, נאַרישע אויפפיהרונג.

2. He has a fit of simples.

sim'ple Si'mon (סימפל סאַי'-מאַן) אַ פשוטער, נאַרישער יונג.

sim'pleton *n.* (סימ'פל-טאַן) אַ נאַר, אַ דומקאָפּ; אַ מין אַמעריקאַנישער שטראַנד־לויפער [אַזאַ פויגעל. ז. ***dunlin***].

sim'ple-toothed *a.* (סימ'פל-טוהטהט) וואס האָט איין פאָר שנייד־צייהנער [פאָדערשטע צייהנער] אויבען און איין פאָר אונטען.

sim'ple-winged *a.* (סימ'פל-הווינגד) וואס האָט גלייכע, ניט געצאַקטע פליגלען.

simplic'ident *a. and n.* (סימ-פליס'-אי-דענט) וואס האָט בלויז איין פאָר אויבערשטע שנייד־צייהנער [פאָדערשטע צייהנער]; אַ גריזשענד חיה'לע מיט איין פאָר אויבערשטע שנייד־צייהנער.

simplic'ity *n.* (סימ-פליס'-אי-טי) איינפאַכקייט, פשוט'קייט; דאָס זיין ניט געמישט אדער ניט צוזאַמענגעזעצט; דאָס זיין ניט קאָמפּליצירט; לייכטקייט, פערשטענדליכקייט; ניט־געקינסטעלטקייט; אויפריכטיגקייט, אָפענהערציגקייט; נאַרישקייט, דומהייט.

simplifica'tion *n.* (סימ-פלי-פי-קיי'-שאַן) פעראיינפאַכונג.

sim'plify *v.* (סימ'-פלי-פאַי) מאַכען איינפאַך, פעראיינפאַכען.

sim'plism *n.* (סימ'-פליזם) דאָס פרעדיגען איינפאַכקייט און נאַטירליכקייט; שטרעבונג צו איינפאַכקייט און נאַטירליכקייט; געמאַכטע איינפאַכקייט.

sim'plist *n.* (סימ'-פליסט) ז. ***simpler***

sim'ply *adv.* (סימ'-פלי) 1. איינפאַך, פשוט; 2. קלאָר, ניט פערפלאָנטערט, לייכט, פערשטענדליך; 3. אויף אַן איינפאַכען, נאַטירליכען אופן; 4. מיט פשוט'קייט אדער אויפריכטיגקייט; 5. אויף אַ נאַרישען, דומען אופן; 6. בלויז, נור; 7. אַבּזאָלוט; אין פולען זין פון וואָרט.

1. It simply can not be done. 2. He writes clearly and simply. 4. He dresses very simply.

simula'crum *n.* (סימ-יו-ליי'-קראַם) אַן עהנליכקייט, אַ בילד, אַ פאָרשטעלונג פון עפּעס; אַן אונקלאָרע אדער ניט ריכטיגע עהנליכקייט אדער פאָרשטעלונג; אַ צייכען, וואס דייטעט אָן אויף עפּעס.

sim'ulant *a. and n.* (סימ'-יו-לענט) סימולירענד, פערשטעלט, כלומר'שט, נעמאַכט, היפּאָקריטיש, פאַלש; וואס זעהט אויס ווי עפּעס אַנדערש, וואס פערנעהמט דעם פּלאַץ פון עפּעס אַנדערש; אַ סימולאַנט, איינער אדער עטוואס וואס איז פערשטעלט, פאַלש אדער ניט עכט; אַ פאַלשער מענש, אַ היפּאָקריט; עטוואס וואס זעהט אויס ווי אַן אַנדער זאַך אדער פערנעהמט דעם פּלאַץ פון אַן אַנדער זאַך.

sim'ular *a. and n.* (סימ'-יו-לאַר) סימולירט, פערשטעלט, פאַלש, היפּאָקריטיש, כלומר'שט; אַ פערשטעלטער, פאַלשער מענש; אַ היפּאָקריט.

sim'ulate *v. and a.* (סימ'-יו-לייט) 1. סימולירען, זיך פערשטעלען; נאָכמאַכען, נאָכאָהמען; 2. זיין עהנליך; 3. אומענדערען אַ וואָרט אַזוי, אַז עס זאָל זיין עהנליך צו אַן אַנדער וואָרט; 4. סימולירט, פערשטעלט, היפּאָקריטיש, כלומר'שט, געמאַכט.

1. The murderer simulated insanity. 2. Some insects simulate flowers.

simula'tion *n.* (סימ-יו-ליי'-שאַן) סימולירונג, פערשטעלונג; נאָכאָהמונג; עהנליכקייט; דאָס ענדערען אַ וואָרט אַזוי, אַז עס זאָל זיין עהנליך צו אַן אַנדערען; אַ פיקטיווער, כלומר'שדיגער אָבּמאַך.

sim'ulator *n.* (סימ'-יו-ליי-טאַר) אַ סימולאַנט, אַ היפּאָקריט, אַ פאַלשער, פערשטעלטער מענש.

sim'ulatory *a.* (סימ'-יו-ליי-טאָ-רי) סימולירט, פערשטעלט, פאַלש, היפּאָקריטיש; וואס נאַרט אָב [דורך פערשטעלען זיך].

sim'ulism *n.* (סימ'-יו-ליזם) אין זאָאָלאָגיע — עהנליכקייט, דאָס זיין עהנליך צו עפּעס אַנדערש [ווי למשל, אַן אינזעקט, וואס איז עהנליך צו אַ בלאַט].

simultane'ity *n.* (סאַי-מאַל-טע-ני'-אי-טי) גלייכצייטיגקייט, דאָס פאָרקומען אדער עקזיסטירען אין איין צייט מיט אַן אַנדער זאַך.

simulta'neous *a.* (סאַי-מאַל-טיי'-ני-אַס) גלייכצייטיג, וואס עקזיסטירט אדער פּאַסירט אין איין צייט מיט אַן אַנדער זאַך.

simulta'neously *adv.* (סאַי-מאַל-טיי'-ני-אַס-לי) גלייכצייטיג, אין איין און דערזעלבער צייט.

simulta'neousness *n.* (סאַי-מאַל-טיי'-ני-אַס-נעס) גלייכצייטיגקייט, דאָס עקזיסטירען אדער פּאַסירען אין איין און דערזעלבער צייט.

sin *n., v., adv., prep. and c.* (סין) אַ זינד, אַן עבירה; זינדיגען, בעגעהן אַ זינד; ברייננען צו עפּעס דורך זינד; זינט, ווייל, אַזוי ווי [ז. ***since***].

Sina'ic *a.* (סאַי-ניי'-איק) ז. ***Sinaitic***

Sinait'ic *a.* (סאַי-נע-איט'-איק) וואס איז שייך צום באַרג סני אדער צום האַלבּאינזעל סני [וואו דער באַרג סני געפינט זיך].

sin'apism *n.* (סינ'-ע-פיזם) אַ זענעפט־פלאַסטער, אַ גאָרטשיצע־פלאַסטער.

sin'apize *v.* (סינ'-ע-פאַיז) בעשפּרענקלען ווי מיט זענעפט [גאָרטשיצע].

sinap'olin *n.* (סי-נעפּ'-אָ-לין) ז. ***sinapoline***

sinap'oline *n.* (סי-נעפּ'-אָ-לין) סינאַפּאָלין [אַזאַ כעמישער שטאָף, וואס קומט פון זענעפט־אויל].

sin'-born *a.* (סינ'-באָהרן) געבאָרען פון זינד, וואס שטאַמט פון זינד.

sin'-bred *a.* (סינ'-ברעד) געקומען אדער ערצויגען פון זינד.

since *adv., prep. and c.* (סינס) 1. זייט, זינט, נאָכדעם; 2. פריהער, מיט אַ צייט צוריק; 3. ווייל, אַזוי ווי.

1. Since my arrival I have met many friends. 3. Since you say so, I shall not argue with you on this point.

sincere' *a.* (סינ-סיער') אויפריכטיג; עהרליך; ריין, עכט, ניט פערדאָרבען.

sincere'ly *adv.* (סינ-סיער'-לי) מיט אויפריכטיגקייט; מיט עהרליכקייט; אויף אַ ריינעם, עכטען, אונפערדאָרבענעם אופן.

sincere'ness *n.* (סינ-סיער'-נעס) ז. ***sincerity***

sincer'ity *n.* (סינ-סער'-אי-טי) אויפריכטיגקייט; עהרליכקייט; עכטקייט, ריינקייט, אונפערדאָרבענקייט.

since then (סינס טהען) זייט דעמאָלט, פון יענער צייט אָן.

sincip'ital *a.* (סינ-סיפּ'-אי-טעל) וואס איז שייך צום אויבערשטען טייל פון קאָפּ [הויפּטזעכליך דעם פאָדערשטען טייל, אין געגענזאַץ צו דער פּאַטילניצע].

sin'ciput *n.* (סינ'-סי-פּאַט) דער אויבערשטער טייל פון קאָפּ [הויפּטזעכליך דער פאָדערשטער טייל אַלס געגענזאַץ צו דער פּאַטילניצע].

sine *c. and n.* (סאַין) זינט, נאָכדעם; אין טריגאָנאָמעטריע — אַ זינוס, די בעציהונג פון צוויי זייטען [די קאַטעטע און היפּאָטענוזע] פון אַ דריי־עק אין בעצוג צו דעם ווינקעל געגענאיבער דער בעטרעפענדער קאַטעטע. דיזע בעציהונג ווערט אויסגעדריקט אין אַ צאָהל וואס קען ניט זיין מעהר ווי 1 [צ. ב. אין דעם דריי־עק *ABC* איז די בעציהונג פון דער זייט *AC* צו דער זייט *AB*, ד. ה. *AC* געטיילט דורך *AB*, דער זינוס פון דעם ווינקעל *a*].

Sine

si'ne *prep.* (סאַי'-ני) אָהן.

sine'-com'plement *n.* (סאַינ'-קאַמ'-פּלי-מענט) אַ קאָזינוס. ז. ***cosine***

si'necural *a.* (סאַי'-ני-קיור-על) וואס איז שייך צו אַ סינעקורע. ז. ***sinecure***

si'necure *n., a. and v.* (סאַי'-ני-קיור) 1. אַ סינעקורע [אַן איינטרעגליכעס אַמט אָהן אַרבייט, אַן איינטרעגליכעס גלח'שעס אַמט אָהן אַרבייט אדער אָהן געוויסע פליכטען]; 2. איינטרעגליך אָהן אַרבייט; 3. געבען איינעם אַ סינעקורע.

1. Many politicians lost their sinecures under the new administration.

si'necurism *n.* (סאַי'-ני-קיור-איזם) 1. דאָס בעזיצען אַ סינעקורע [אַן איינטרעגליכעס אַמט, וואס פאָדערט ניט קיין אַרבייט, אַן איינטרעגליכעס גלח'שעס אַמט אָהן אַרבייט אדער אָהן געוויסע גלח'ישע פליכטען]; 2. אַ צושטאַנד, ווען סינעקורען זיינען אַן אָפּטע ערשיינונג.

2. Some government departments suffer deeply from sinecurism.

si'necurist *n.* (סאַי'-ני-קיור-איסט) אַ בעזיצער פון אַ סינעקורע, איינער וואס האַלט אַן איינטרעגליכעס אַמט, וואס פאָדערט ניט קיין אַרבייט. ז. ***sinecure***

si'ne di'e (סאַי'-ני דאַי'-אי) אָהן אַ בעשטימטען טאָג [ווען עטוואס, הויפּטזעכליך אַ פערזאַמלונג, ווערט אָבגעלעגט אויף אַן אונבעשטימטער צייט].

si'ne qua non (סאַי'-ני קהוויי נאָן) 1. אַן אונבעדינגט נויטיגע זאַך; 2. אונבעדינגט נויטווענדיג.

2. Lee's surrender was a condition sine qua non for the establishment of peace.

sin'ew *n. and v.* (סינ'-יו) קאַסטע, קאַסקע [צאַפּ], קאַסקע־געוועב, קאַסקע־פעדים; אַ מוסקול; אַ נערוו; אַ סטרונע; ענערגיע;

קראפט; עטוואס וואס גיט קראפט; א קוואל פון קראפט; א שטיצע; בעזארגען מיט קאסקע, מיט מוסקולען אדער מיט נערוועז; מאכען שטארק; דיענען אלס קראפט, שטארק צוזאמענבינדען.

sin'ewiness *n.* (סינ'-יו-אי-נעס) דאס זיין מוסקולעז; קרעפטיגקייט, שטארקייט; דאס האבען קאסקע אדער שטארקע צוזאמענבינדונגס⸗פעדים פון די מוסקולען.

sin'ewless *a.* (סינ'-יו-לעס) אהן קאסקע [קאסע, צאפ], אהן שטארקע צוזאמענבינדונגס⸗פעדים אין די מוסקולען; אהן מוסקולען; קראפטלאז, שוואך.

sin'ewy *a.* (סינ'-יו-אי) עהנליך צו קאסקע [קאסע, צאפ]; וואס בילדעט קאסקע; וואס האט שטארקע קאסקע; מוסקולעז, קרעפטיג שטארק.

sinfoni'a *n.* (סינ-פא-ני'-א) א סימפאניע. ז. *symphony*

sin'ful *a.* (סינ'-פול) זינדיג, שלעכט, פערדארבען.

sin'fully *adv.* (סינ'-פול-אי) אויף א זינדיגען אופן; דורך זינד.

sin'fulness *n.* (סינ'-פול-נעס) זינדיגקייט, שלעכטקייט, פערדארבענהייט.

sing. אבקירצונג פון *singular*

sing *v. and n.* (סינג) 1. זינגען; 2. בעזינגען, לויבען; 3. דיכטען; 4. קענען געזונגען ווערען; 5. א געשריי טהאן, א קוויטש טהאן; 6. בעגלייטען אדער אויפנעהמען מיט געזאנג; 7. אויספיהרען עפעס דורך געזאנג; 8. קלינגען [אין די אויערען]; 9. וואיען, פייפען [ווי א ווינד]; 10. א געזאנג; אן אונטערהאלט דורך געזאנג.

2. His followers **sing** his praises. 4. This poem will **sing** to the tune of a hymn. 6. We **sang** the old year out and the new year in. 7. You cannot **sing** the savageness out of a tiger. 8. My ears **sing**.

sing'able *a.* (סינג'-עבל) וואס קען געזונגען ווערען.

sing'ableness *n.* (סינג'-עבל-נעס) דאס קענען געזונגען ווערען, דאס זיין צוגעפאסט צום זינגען.

sing anoth'er song (סינג ענ-אטה'-ער סאהנג) אננעהמען אן אנדער טאן, ענדערען דעם טאן, ווערען מעהר הכנעה'דיג.

sing anoth'er tune (סינג ענ-אטה'-ער טיון) ז. *sing another song*

singe *v. and n.* (סינדזש) סמאליען, אבסמאליען; אבברענען, אויסטריקענען; לייכט שעדיגען, אנטהאן א לייכטען שאדען; דאס פערסמאליען, דאס אבסמאליען; א סמאליענדע היץ; א לייכטע בראנדוואונד; א לייכטער שאדען, א לייכטע בעשעדיגונג.

singed cat (סינדזשד קעט) אן אבגעסמאליעטע קאץ; א גוטער מענש מיט א שלעכטען אויסזעהן; א מענש מיט א לייכט⸗געשעדיגטער רעפוטאציע.

singe'ing *n.* (סינדזש'-אינג) דאס סמאליען; דאס סמאליען אן עוף; דאס אבסמאליען די האר אדער בארווע [ווארסע] פון ציץ [קאטון].

singe'ing-lamp *n.* (סינדזש'-אינג-לעמפ) אזא לאמפ אבצוסמאליען די האר פון א פערד [אנשטאט זיי אבצושערען].

singe'ing-machine' *n.* (סינדזש'-אינג-מע-שין') א מאשין אבצוסמאליען די האר אדער בארווע [ווארסע] פון געוועבטען צייג.

singe off (סינדזש אף) אבסמאליען, ארומסמאליען, אבברענען.

singe ones' beard (סינדזש הוואנז ביערד) מאכען א שטארקען איבערפאל, דערלאנגען א שטארקען קלאפ.

sing'er *n.* (סינדזש'-ער) איינער אדער עטוואס וואס סמאליעט; איינער וואס סמאליעט אב די האר אדער די בארווע [ווארסע] פון געוועבטע שטאפען; א מאשין אבצוסמאליען די בארווע פון געוועבטע שטאפען.

sing'er *n.* (סינג'-ער) א זינגער א דיכטער; א דעקלאמאטאר; א זינג⸗פויגעלע.

sing'ing *n. and a.* (סינג'-אינג) דאס זינגען; א געזאנג; דיכטונג; דאס בעזינגען; דאס קלינגען אין די אויערען; זינגענד, עהנליך צו געזאנג.

sing'ing-bird *n.* (סינג'-אינג-בוירד) א זינג⸗פויגעל.

sing'ing-book *n.* (סינג'-אינג-בוק) א געזאנג⸗בוך.

sing'ing-gal'lery *n.* (סינג'-אינג-געל'-ער-אי) א כאר⸗גאלעריע אין א קלויסטער.

sing'ingly *adv.* (סינג'-אינג-לי) זינגענדיג; אויף א זינגענדיגען שטייגער.

sing'ing-man *n.* (סינג'-אינג-מען) א זינגער, א כאריסט.

sing'ing-mas'ter *n.* (סינג'-אינג-מעס'-טער) א געזאנג⸗לעהרער.

sing'ing-school *n.* (סינג'-אינג-סקוהל) א געזאנג⸗שול.

sing'ing-voice *n.* (סינג'-אינג-וואיס) די זינג⸗שטימע [די שטימע וואס ווערט געברויכט ביים זינגען].

sing'ing-wom'an *n.* (סינג'-אינג-הוואומ'-ען) א זינגערין, א כאריסטין.

skir'mishing *n.* (סקויר'-מיש-אינג) א ניט רעגולערער קליינער געפעכט, א צוזאמענשטויס צווישען קליינע נעגנערישע מיליטער־אבטיילונגען; א געשלעג.

skir'mish-line *n.* (סקויר'-מיש-לאין) די ליניע אויף'ן שלאכט־פעלד, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט קליינע סאלדאטען־אבטיילונגען, וועלכע דארפען אריינגעהן אין ניט רעגולערע קליינע געפעכטען מיט'ן שונא, כדי אויסצופארשען זיינע קרעפטען און אבציהען זיין אויפמערקזאמקייט פון די בעוועגונגען פון דער הויפט־ארמעע און פערהיטען פון א פלעצליכען אנגריף אויף איהר.

Skiropho'ria *n.* (סקיר-א-פאו'-רי-א) ביי די פארצייטיגע גריכען — די סקיראפאריען [א זומערדיגער יום־טוב לכבוד דער געטין אטהענע].

Skiropho'rion *n.* (סקיר-א-פאו'-רי-אן) אין אלט־גריכענלאנד — סקיראפאריאן [דער לעצטער מאנאט פון יאהר].

skir'ret *n.* (סקיר'-עט) צוקער־ווארצעל [אזא פלאנצע וואס האט דיקע זיסליכע ווארצלען, עהנליך אין געשמאק צו פאסטערנאק].

skirt *n. and v.* (סקוירט) א קליידעל, א יובקע; אן אונטער־ראק, אן אונטער־קלייד, א ספאדניצע; דאס קליידעל פון א טאליע־ראק [דער טייל פון ראק וואס פאנגט זיך אן פון דער טאליע]; א פאלע פון א בגד; דאס צווערך־פעל פון א בהמה [ז. *diaphragm*]; א בארט, א זוים, א ראנד; א ברעג, א גרענעץ; בעוועגען לענגס דעם ראנד אדער ברעג; בילדען דעם ראנד אדער ברעג פון עפעס; זיין אדער לעבען ביי דער גרענעץ אדער ביים ברעג; מאכען אן אומוועג ארום פלעצער וואס זיינען אבגעזאמט מיט פלאנקענס אנשטאט זיי דורכצוברעכען אדער זיי אריבערשפרינגען [וועגען א יעגער אדער א יאגד־הונד]; געהן אדער זיך בעוועגען ארום א ברעג.

skir'ted *a.* (סקויר'-טעד) מיט א זוים, ראנד אדער בארט.

skir'ting *n.* (סקויר'-טינג) אזא שטארקער שטאף וואס ווערט ספעציעל געוועבט פאר פרויען אונטער־קליידער [ספאדניצעס].

skir'ting-board *n.* (סקויר'-טינג-באורד) א וואנד־לייסט [א שמאלע לייסט מיט וועלכער עס ווערט ארומגעשלאגען דער ברעג פון וואנד ביי דעם דיל (פאדלאגע)].

skirt'less *a.* (סקוירט'-לעס) אהן א קליידעל.

skit *v. and n.* (סקיט) אבשפרינגען אן דער זייט; זיך אבטראגען; פלוצים נעלם ווערען; א שטעך־ווערטעל, א סאטירישער אדער סארקאסטישער אנגריף; שפאט, חוזק; א סאטירישער אדער סארקאסטישער פאמפלעט; אן אויסגעלאסענע פרוי, א הור.

skite *n. and v.* (סקאיט) א פלעצליכער העפטיגער גוס ווי פון רעגען; א העפטיגער קלאפ אדער שטויס; א שפיצעל, א שטוקע; ארומלויפען; גליטשען.

skit'ter *v.* (סקיט'-ער) אריבערשוועבען, אריבערגעהן קוים אנריהרענדיג; פערווארפען א ווענטקע אין וואסער צו כאפען פיש.

skit'tish *a.* (סקיט'-איש) וואס איז צוריקגעהאלטען; שרעקעדיג, וואס שרעקט זיך; וואס מיידט אויס פריינדשאפט אדער בעקאנטשאפט; לייכטזיניג; אונבעשטענדיג; קאפריזניג; בעטריגעריש.

skit'tishly *adv.* (סקיט'-איש-לי) אויף א שרעקעדיגען אופן; שרעקעדיג; צוריקגעהאלטען אויס מורא; מיט לייכטזיניגקייט, מיט אונבעשטענדיגקייט; קאפריזנע.

skit'tishness *n.* (סקיט'-איש-נעס) שרעקעדיגקייט; צוריקגעהאלטענקייט אויס מורא; לייכטזיניגקייט; אונבעשטענדיגקייט; קאפריזנעקייט; בעטרוג, שווינדעל.

skit'tle *n.* (סקיטל) [איינער א קעגעל פון די ניין קעגעל־פערמיגע פלעקלעך אין קעגעל־שפיעל].

skit'tle-al'ley *n.* (סקיט'ל-על'-אי) א לאנגער קארידאר אדער הויף צום שפיעלען קעגעל.

skit'tle-ball *n.* (סקיט'ל-באהל) אזא הילצערנער באל וואס ווערט בענוצט ביי קעגעל־שפיעל.

skit'tle-ground *n.* (סקיט'ל-גראונד) ז. *skittle-alley*.

skit'tle-pin *n.* (סקיט'ל-פין) ז. *skittle*.

skit'tles *n.* (סקיטלז) קעגעל־שפיעל [אזא שפיעל מיט 9 אויסגעשטעלטע קעגעל־פערמיגע פלעקלעך וועלכע דארפען אומגעווארפען ווערען דורך א באל].

skive *v.* (סקאיוו) אין לעדער־פאבריקאציאן — פיילסען, אבשלייפען אדער אבקראצען דעם ראנד, אבשקראבען דאס איבריגע מאטעריאל.

ski'ver *n. and v.* (סקאי'-ווער) שפאלט־לעדער [א זארט ביליגע דינע לעדער וואס ווערט געמאכט פון געשפאלטענעם שעפסען־פעל]; א מעסער וואס ווערט בענוצט צו שפאלטען לעדער; זיך צושטרייען, פאנאנדערפליהען אין אלע זייטען.

ski'ving *n.* (סקאי'-ווינג) אבפאל פון לעדער ווען עס ווערט אויסגעקראצט אדער אויסגעשליפען פון דער פלייש־זייט כדי עס צו מאכען דינער; דאס פיילסען, דאס אויסקראצען אדער אויסשלייפען לעדער פון דער פלייש־זייט כדי עס צו מאכען דינער.

ski'ving-knife *n.* (סקאי'-ווינג-נאיף) א מעסער וואס ווערט בענוצט צום שפאלטען לעדער.

ski'ving-machine' *n.* (סקאי'-ווינג-מע-שין') א מאשין צום שפאלטען אדער אבצושלייפען לעדער.

sko'lion *n.* (סקאו'-לי-אן) אין אלט־גריכענלאנד — סקאליאן [א ליעד וואס די געסט אויף א באנקעט פלעגען זינגען איינער נאך'ן אנדערען ביים טרינקען].

skry'er *n.* (סקראי'-ער) דער געהילף פון א פאקוסניק אדער מכשף.

sku'a *n.* (סקיו'-א) די ברוינע רויב־מעווע [אזא ים־פויגעל].

sku'a-gull *n.* (סקיו'-א-גאל) ז. *skua*.

skulk *v. and n.* (סקאלק) קריכען בגנבה, געהן בעהאלטענערהייד; זיך האלטען פערבארגען; ליגען אין א בעהעלטעניש; איינער וואס בעהאלט זיך אדער פערבארגט זיך.

skul'ker *n.* (סקאל'-קער) איינער וואס בעהאלט זיך; איינער וואס ליגט אין א בעהעלטעניש.

skul'kingly *adv.* (סקאל'-קינג-לי) בעהאלטענערהייד, פערבארגענערהייד.

skul'king-place *n.* (סקאל'-קינג-פליים) א בעהעלטעניש, אן ארט וואו זיך צו בעהאלטען.

skull *n.* (סקאל) דער שיידעל, דער קאפ־שארבען; דער קאפ; דער טייל פון א פאנצער־היטעל וואס בעדעקט דעם קאפ־שארבען; די אבגעקיהלטע מעטאל־שיכט וואס עס בילדעט זיך אויף די ווענטלעך פון דער כלי אין וועלכען מען האלט צושמאלצענעם מעטאל.

skull'cap *n.* (סקאל'-קעפ) דער אויבערשטער טייל פון שארבען; א יארמולקע, א מיצעל, א קעפקע; א פיקעל־הויב; העלם־קרויט [אזא פלאנצע מיט גרויסע בלויע בלומען וואס וואקסט אין פייכטע שאטענדיגע ערטער].

skulled *a.* (סקאלד) וואס האט א קאפ־שארבען אדער שיידעל.

skull'-fish *n.* (סקאל'-פיש) א וואלפיש וואס איז עלטער פון צוויי יאהר.

skull'-roof *n.* (סקאל'-רוהף) דער אויבערשטער טייל פון קאפ־שארבען.

skunk *n. and v.* (סקאנק) א סקאנק, אן אמעריקאנער שטינק־טהיער [אזא אמעריקאנער קליינעס רויב־טהיער אונגעפעהר ווי א הויז־קאץ די גרויס, מיט א לאנגען, דיקען האריגען עק און א שווארצער האריגער פעל דורכגעווארפען וואו ניט וואו מיט ווייסע האר, מיט צוויי ברייטע ווייסע שטרייפען לענגס די זייטען. ווען מען יאגט זיך נאך דעם סקאנק לאזט ער ארויס פון זיך זעהר א שטארקען געשטאנק]; אזא טכויר אדער שעסקע; א געמיינער יונג; א פאלשטענדיגע נידערלאגע אין א שפיעל; פאלשטענדיג צוקלאפען אדער בעזיעגען דעם געגנער אין א שפיעל; אנשטעקען פיש מיט א קראנקהייט פון וועלכער זיי פערלירען די שופען; אוועקפאהרען ניט בעצאהלענדיג די חובות; פערלאזען די אוניווערזיטעט ניט בעצאהלענדיג די חובות [ווענען סטודענטען].

Skunk

skunk'ery *n.* (סקאנק'-ער-אי) א פלאץ וואו סקאנקס ווערען געהאלטען. ז. *skunk*

skun'kish *a.* (סקאנ'-קיש) שטינקענד.

Skupsh'tina *n.* (סקופש'-טי-נא) די סקופשטשינא, דער סערבישער פארלאמענט.

sky *n. and v.* (סקאי) דער הימעל; דער הימעלס־געוועלב; דער לופט־רוים, די אטמאספערע; די אויבערשטע רייהען בילדער וועלכע זיינען נאהנט צו דער אויבערלאגע [סטעליע] אין א בילדער־גאלעריע; הויבען צום הימעל; א קלאפ געבען דעם באל אין קריקעט־שפיעל, אז ער זאל פליהען אין דער הויך; אויפהענגען א בילד נאהנט צו דער סטעליע אין א בילדער־גאלעריע.

sky'-blue' *a. and n.* (סקאי'-בלוה') הימעל־בלוי; א הימעל־בלויער קאליר; אבגעשמאנטע מילך, וואסערדיגע מילך.

sky'-born *a.* (סקאי'-באהרן) געבארען אין הימעל.

sky'-col'or *n.* (סקאי'-קאל'-אר) הימעל־קאליר.

sky'-col'ored *a.* (סקאי'-קאל'-ארד) הימעל־בלוי, פון הימעל־קאליר.

sky'-drain *n.* (סקאי'-דריין) א גראבען ארום א הויז אבצוציהען די נאסקייט.

sky'-dyed *a.* (סקאי'-דאיד) הימעל־בלוי, הימעל־פארביג.

sky'ey *a.* (סקאי'-אי) הימליש, ווי דער הימעל; וואס איז אין אדער וואס קומט פון הימעל אדער פון די וואלקענס.

sky'-high' *a.* (סקאי'-האי') הימעל־הויך, זעהר הויך.

sky'ish *a.* (סקאי'-איש) הימליש; וואס גרייכט ביז אין הימעל.

sky'lark *n. and v.* (סקאי'-לארק) די פעלד־לערכע [אזא גרויעס זינג־פויגעלע וואס זינגט פליהענדיג]; מאכען שפאס אדער חוזק; הוליען.

Skylark

sky'less *a.* (סקאי'-לעס) פערדונקעלט, פערוואלקענט [דאס מען זעהט ניט קיין הימעל].

sky'light *n.* (סקאי'-לאיט) א דאך־פענסטער.

sky'-line *n.* (סקאי'-לאין) דער האריזאנט, דאס ארט וואו דער הימעל מיט דער ערד קומען זיך צונויף; אין ארכיטעקטור און מאלעריי — דער פראפיל פון געביידען, בוימער, בערג א. ד. ג. ווי זיי זעהען אויס געגען הימעל.

sky'-par'lor *n.* (סקאי'-פאר'-לאר) א דאך־צימער; די אויבערשטע גאלעריע פון טעאטער.

sky'-pi'lot *n.* (סקאי'-פאי'-לאט) א גלח, א פריסטער.

sky'-plan'ted *a.* (סקאי'-פלענ'-טעד) וואס געפינט זיך אין הימעל.

sky'-rock'et *n. and v.* (סקאי'-ראק'-עט) א הויך־פליהענדע ראקעטע [פייערווערק]; פליהען ווי א הויך־פליהענדע ראקעטע; זיך פלוצים אויפהויבען אין דער הויך; עקספלאדירען און פערשווינדען.

sky'sail *n.* (סקאי'-סייל) א סקיי־זעגעל [א לייכטער זעגעל אין דער הויך פון א שיף].

sky'-scra'per *n.* (סקאי'-סקריי'-פער) א הימעל־קראצער, א וואלקען־קראצער [א זעהר הויכע פיעל־שטאקיגע געביידע]; א דריי־עקיגער סקיי־זעגעל [ז. *skysail*]; א באל וואס איז געווארפען זעהר הויך אין דער לופט.

sky'-tinc'tured *a.* (סקאי'-טינק'-טשורד) פון הימעל־פארב.

sky'ward *adv.* (סקאי'-הווארד) צום הימעל צו.

sky'wards *adv.* (סקאי'-הווארדז) ז. *skyward*.

slab *n., a. and v.* (סלעב) א פלאכער שטיין, א דיקע שטיין־פלאטע; א גראבעס, דיקעס ברעט; בלאטע, שלאם; דיק, געדיכט, קלעפיג; אויסשניידען גראבע, דיקע פלאטען.

slab'ber *v. and n.* (סלעב'-ער) לאזען רינען די שפייעכץ אדער סלינע, גאווערען; האסטיג שלינגען, זיך פערכלינען; דורכנעצען, נאס מאכען; פערשמוצען, פערפאטשקען; סלינע אדער שפייעכץ וואס רינט פון מויל; איינער אדער עפעס וואס מאכט דיקע, גראבע פלאטען [ווי שטיין־פלאטען].

slab'berer *n.* (סלעב'-ער-ער) א גאווערער, איינער וואס לאזט רינען שפייעכץ; איינער ביי וועמען עס רינט שפייעכץ פון מויל; אן אידיאט, א שוטה.

slab'bery *a.* (סלעב'-ער-אי) שמירעריג, שמוציג, קויטיג, בלאטיג.

slab'biness *n.* (סלעב'-אי-נעס) שמוציגקייט, קויטיגקייט.

slab'by *a.* (סלעב'-אי) געדיכט, קלעפעדיג; פייכט, נאס; בלאטיג.

slab'-si'ded *a.* (סלעב'-סאי'-דעד) מיט אבגעפלאכטע זייטען; הויך און פלאטשיג.

slab'stone *n.* (סלעב'-סטאון) א פעלז וואס שפאלט זיך אין בעזונדערע פלאטען.

slack *a., n., v. and adv.* (סלעק) שוואך, שלאף, ניט אנגעצויגען [ווענען א הענגענדען שטריק]; לאנגזאם, נאכלעסיג [אין געשעפט אדער ארבייט]; ניט ענערגיש, ניט אקטיוו, ווייניג בעוועגליך; מאט, פויל; דער שלאפער אדער לויזער טייל פון א שטריק; סלעק, די צייט ווען עס איז פאראן זעהר ווייניג ארבייט; קליינינקע, דראבנע שטיין־קויהלען; דער שטויב פון שטיין־קויהלען; ווערען אבגעשוואכט, זיך אבלאזען [ווענען אן אנגעצויגענעם שטריק]; ווערען שטילער, ווערען נידריגער, ווערען ווייניגער; זיין צוריקשטעהענד, ווערען לאנגזאם; אבשוואכען, אבלאזען [אן אנגעצויגענעם שטריק]; פערקלענערען, פערמינדערען; זיין נאכלעסיג; אויף א שוואכען, לאנגזאמען שטייגער; ניט אין א גענוגענדער מאס.

slack away' (סלעק ע-הוויי') אבלאזען, מאכען ווייניגער אנגעצויגען [ווי א שטריק].

slack'-bake *v.* (סלעק'-בייק) ניט אויסבאקען [ברויט].

slack'en *v.* (סלעקן) שלאף ווערען; מאכען שלאף אדער שוואך; לויז מאכען; פערמינדערען; נאכלעסיג ווערען, לאנגזאם ווערען.

slack'-jaw *n.* (סלעק'-דזשאה) גראבע אדער פרעכע רייד.

slack'ly *adv.* (סלעק'-לי) אבגעלאזען, שלאף, לויז; אויף א נאכלעסיגען שטייגער; שוואך, אהן ענערגיע.

slack'ness *n.* (סלעק'-נעס) דאס זיין שלאף, לויז, שוואך אדער אבגעלאזען; דאס זיין נאכלעסיג; שלאפקייט, שוואכקייט; נאכלעסיגקייט; לאנגזאמקייט.

slack'-sal'ted *a.* (סלעק'-סאהל'-טעד) האלב־געזאלצען.

slack sea'son (סלעק סיזן) די סלעק, שטילע צייט [ווען עס איז פאראן ווייניג ארבייט].

slack'-wire perfor'mer (סלעק'-הוואיר פויר-פאהר'-מער) א טענצער אויף א לויז־אנגעצויגענעם שטריק.

slade *n.* (סלייד) א קליינער, שמאלער טהאל; אן אפענער ארט אין א וואלד [א שטיקעל פלאץ אין וואלד, וואס איז ניט בעוואקסען מיט בוימער].

slag *n. and v.* (סלעג) שלאקען, אבפאל, אבוואץ, פסולת [פון מעטאלען]; זיך פערוואנדלען אין שלאקען [ווי אן איבערגעברענטער מעטאל].

slag'-dump *n.* (סלעג'-דאמפ) א פלאץ, וואו עס ווערט אבגעווארפען שלאקען אדער אבפאל פון מעטאלען.

slag'gy *a.* (סלעג'-אי) שלאַקיג, פּסולתדיג. ז. ***slag***.

slain (סליין) געשלאָגען, גע'הרג'עט, דערשלאָגען. ז. ***slay***.

slake *v. and n.* (סלייק) לעשען דעם דאָרשט; בערוהיגען, בעזענפטיגען, איינשטילען; מילדערען, דערלייכטערען, לינדערען; מישען מיט וואַסער אָדער מיט פייכטער לופט; גלאַשען ווערען [וועגען וואַפנע]; שליים, בלאָטע.

slaked lime (סלייקט לאַים) געלאַשענער קאַלך.

slam *v. and n.* (סלעם) אַ האַסטיג שטויס טהאָן; פערמאַכען מיט אַ קלאַפּ [אַ טהיר, אַ בוך]; אַ קלאַפּ טהאָן; אין קאָרטענשפּיעל — אַבשלאָגען אַלע קאָרטען; עפּעס אַבשלאָגען מיט אַ קלאַפּ; אַ קלאַפּ [מיט דער טהיר]; אין קאָרטענשפּיעל — שלעם [דאָס אַבשלאָגען אַלע קאָרטען פון געגנער].

slam'-bang' *adv. and a.* (סלעמ'-בענג') מיט אַ קלאַפּ, מיט אַ טראַסק; פּלוצלונג, אונערוואַרטעט; מיט אַמאָל; שטורמיש.

slan'der *n. and v.* (סלענ'-דער) פערליימדונג, לשון הרע; רכילות; בערעדען; רעדען לשון הרע.

slan'derer *n.* (סלענ'-דער-ער) אַ פערליימדער, אַ בעל לשון הרע; אַ רכילותטרייבער.

slan'derous *a.* (סלענ'-דער-אַס) פערליימדעריש.

slan'derously *adv.* (סלענ'-דער-אַס-לי) אויף אַ פערליימדערישען שטייגער; דורך לשון־הרע.

slan'derousness *n.* (סלענ'-דער-אַס-נעס) דאָס זיין פערליימדעריש.

slang *n. and v.* (סלענג) זשאַרגאָן, גאַסענשפּראַך, וואָלגאַרע ווערטער, ניט ליטעראַרישע אויסדריקע; דער זשאַרגאָן אָדער די ספּעציפישע אויסדריקע, וואָס ווערען געברויכט פון מענשען פון אַ געוויסען פאַך [ווי גנבים־שפּראַך, כלי־זמר־לשון א. ד. ג.]; ביי די לאָנדאָנער פעדלער — אַ פאַלשע וואָג, אַ פאַלשע מאָס; ביי אַקטיאָרען — אַ טעאַטראַלע פאַרשטעלונג; אַ קייטעל פון אַ זייגער [אויף גנבים־שפּראַך]; ברויכען אַ זשאַרגאָן, רעדען מיט וואָלגאַרע אויסדריקע; בעליידיגען מיט וואָלגאַרע ווערטער אָדער אויסדריקע.

slang'ily *adv.* (סלענג'-אי-לי) ברויכענדיג אַ זשאַרגאָן, רעדענדיג מיט וואָלגאַרע אויסדריקע.

slang'iness *n.* (סלענג'-אי-נעס) זשאַרגאָנאַרטיגקייט, דאָס זשאַרגאָנאַרטיגע רעדען.

slang'-whang *v.* (סלענג'-הווענג) רעדען וואָלגאַר, ברויכען ניט ליטעראַרישע אויסדריקע.

slang'-whang'er *n.* (סלענג'-הווענג'-ער) אַ וואָלגאַרער רעדנער; אַ שרייער, אַ פּלאַפּלער.

slang'y *a.* (סלענג'-אי) זשאַרגאָניש; זשאַרגאָנאַרטיג; וואָס ברויכט וואָלגאַרע אויסדריקע.

slant *v., a. and n.* (סלענט) זיך נייגען, געהן שיעף אָדער משופּע'דיג, געהן קרום אַראָב; שיעף, קרום; אַבגעבויגען אָדער אַבגעקעהרט אין אַ זייט; אין אַבגעבויגענע ריכטונג, אַ משופּע'דיגע זאַך.

slan'tingly *adv.* (סלענ'-טינג-לי) אין אַ שיעפער אָדער קרומער ריכטונג.

slan'tingness *n.* (סלענ'-טינג-נעס) שיעפקייט, קרומקייט, אַבגעבויגענקייט.

slant'ly *adv.* (סלענט'-לי) ז. ***slantingly***.

slant'wise *adv.* (סלענט'-וואַיז) ז. ***slantingly***.

slap *v., n., a. and adv.* (סלעפּ) קלאַפּען, שלאָגען, פּאַטשען; אַ קלאַפּ, אַ פּאַטש; פון בעסטען זאָרט, ערשט־קלאַסיג, אויסגעצייכענט; מיט איין מאָל, פּלוצלונג, אונערוואַרטעט.

slap'-dash *a., n., v. and adv.* (סלעפּ'-דעש) שטירמיש, היציג; ראַש, פייעריג, האַסטיג, וויטהענד, העפטיג; אַן אַרבייט וואָס מען לאָזט געהן ווי עס געהט; טהאָן עפּעס ניט פאָרזיכטיג; מיט איין מאָל, פּלוצלונג.

slap'jack *n.* (סלעפּ'-דזשעק) אַ מין פּאָנקוכען אָדער בלינצע.

slap'per *n.* (סלעפּ'-ער) אַ פּאַטשער, אַ קלאַפּער, אַ שלעגער; אַ פערזאָן אָדער זאַך וואָס איז זעהר גרויס און ברייט.

slap'ping *a.* (סלעפּ'-אינג) גראָב, גרויס, אונגעלומפּערט.

slap'-up *a.* (סלעפּ'-אַפּ) ערשט־קלאַסיג; פון בעסטען זאָרט; אויסגעצייכענט.

slash *v. and n.* (סלעש) איינשניידען, מאַכען אַ לאַנגען טיעפען שניט; אַ האַק טהאָן [ווי מיט אַ שווערד אָדער האַק]; אַ שמיץ טהאָן [ווי מיט אַ בייטש]; שמייסען, צופּאַסעווען דאָס לייב; מאַכען אַן אויסשניט אָדער אויסשניטען אין אַ קלייד, כדי דער העל־קאָלירטער אונטערשלאַג זאָל זיך אַרויסזעהן; אַ שניט, אַן איינשניט; אַ שראַם, אַ צייכען פון אַ שניט אָדער שמיץ; אַן אויסשניט אין אַ קלייד, כדי עס זאָל זיך אַרויסזעהן דער העל־קאָלירטער אונטערשלאַג; אַן עפענונג אין אַ וואַלד; אַ זומפּיגער פּלאַץ בעוואַקסען מיט קוסטעס.

slash'er *n.* (סלעש'-ער) איינער אָדער עפּעס וואָס האַקט אָדער שניידט [ווי אַ שווערד, אַ שנייד־מאַשין, אַ האַק־מאַשין א. ז. וו.].

slash'es *n.* (סלעש'-עז) אַבגעהאַקטע בוימער און צווייגען.

slash'ing *a. and n.* (סלעש'-אינג) שניידיג, שאַרף, פערניכטענד, גיפטיג [אין קריטיק]; אַהן ריקזיכט; אַן אויסשניט אין אַ קלייד; אין מיליטער — דאָס אויסלעגען אַבגעהאַקטע בוימער אַזוי, אַז זייערע שפּיצען זאָלען זיין געריכטעט געגען שונא [צו הינדערען אַן אַטאַקע].

slash'ings *n.* (סלעש'-אינגז) ז. ***slashes***.

slash rates (סלעש רייטס) 1. שניידען די פּרייזען; 2. געשניטענע אָדער אַראָבגעזעצטע פּרייזען.

2. The stores are selling merchandise at slash rates.

slat *v., n. and a.* (סלעט) אַ וואַרף טהאָן, אַ שטויס טהאָן; פּאַטשען, קלאַפּען, שלאָגען; שפּאַלטען; אַן אַבגעשפּאַלטענע פּלאַטע אָדער ברעטעל; געמאַכט פון אַבגעשפּאַלטענע פּלאַטען אָדער ברעטלעך.

slate *n., a. and v.* (סלייט) שיעפערשטיין, אַ שטיין וואָס שפּאַלט זיך אויף דינע פּלאַטען; אַ פּלאַטע פון שיעפערשטיין; אַ שיעפער טאַוועל, אַ גריפעלטאַוועל; אין דער פּאָליטיק פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא — אַ ליסטע פון קאַנדידאַטען, וועלכע די פּיהרער פון אַ פּאַרטיי שטעלען אַרויס צו נאָמינירען אויף דער קאָנווענציאָן אָדער צוזאַמענפאַהר; פון שיעפערשטיין קאָליר, מיט אַ שוואַרצען אָדער טונקעל־גרויען קאָליר; דעקען אַ דאַך מיט שיעפערפּלאַטען; רעקאָמענדירען אַ קאַנדידאַט, וועלכער זאָל נאָמינירט ווערען אויף דער קאָנווענציאָן פון דער פּאַרטיי.

slate'-ax *n.* (סלייט'-עקס) אַן אינסטרומענט צו שפּאַלטען שיעפערשטיין.

slate'-board *n.* (סלייט'-באָורד) אַ שיעפערטאַוועל, אַ גריפעלטאַוועל [צום שרייבען].

slate'-coal *n.* (סלייט'-קאָול) שיעפערקויהלען [אַ מין הארטע קויהלען].

slate'-col'ored *a.* (סלייט'-קאַל'-אָרד) פון אַ טונקעל־גרויען קאָליר [ווי שיעפערשטיין].

slate'-cut'ter *n.* (סלייט'-קאַט'-ער) אַ מאַשין אָרומצושניידען שיעפערפּלאַטען אָדער שיעפערטאַוולען.

slate'-frame *n.* (סלייט'-פריים) אַ מאַשין צו מאַכען הילצערנע ראַהמען פאַר שיעפערטאַוולען אָדער גריפעלטאַוולען.

slate'-peg *n.* (סלייט'-פּעג) אַזאַ נאָגעל אָדער שוועקעל וואָס ווערט בענוצט צו בעשלאָגען אַ דאַך מיט שיעפערפּלאַטען.

slate'-pen'cil *n.* (סלייט'-פּענ'-סיל) אַ גריפעל.

sla'ter *n.* (סליי'-טער) איינער וואָס דעקט דעכער מיט שיעפערפּלאַטען; אַ געצייג אַבצושאַבען דאָס פלייש פון פעל; אַן אייזאָפּאָד [אַזאַ אינזעקט. ז. ***isopod***].

slate'-roof *n.* (סלייט'-רוהף) אַ דאַך געדעקט מיט שיעפערפּלאַטען.

slate'-works *n.* (סלייט'-הוואָירקס) דער פּלאַץ וואו מען אַרבייט שיעפערשטיין.

slate'-wri'ting *n.* (סלייט'-ראַי'-טינג) אַ מין פּאָקוס מיט שרייבען אויף אַ שיעפערברעטעל וואָס מאַניקער אָדער ספּיריטיסטען שטעלען אַרויס אַלס כלומרשט'דיגע שריפט פון גייסטער.

slath'ers *n.* (סלעטה'-ערז) אַ גרויסע מענגע; אַ גרויס שטיק.

sla'ting *n.* (סליי'-טינג) דאָס דעקען אַ דאַך מיט שיעפערפּלאַטען; אַ שיעפערדאַך; שיעפערפּלאַטען; אַ פּליסיגער שטאָף, מיט וועלכען עס ווערט בעדעקט אַ שוואַרץ ברעט, כדי מען זאָל קענען אויף איהם שרייבען מיט אַ גריפעל ווי אויף אַ שיעפערברעטעל; אַ בייסענדע אָדער שטעכענדע קריטיק.

slat'-machine' *n.* (סלעט'-מע-שין') אַ מאַשין צו זעגען ברעטער.

slat'ter *v.* (סלעט'-ער) זיך אַנטהאָן שלומפּעריג אָדער שמוציג; זיין אונפּאָרזיכטיג אָדער ניט אויסגערעכענט; זיין נאַכלעסיג; זיין פערשווענדעריש.

slat'tern *n. and a.* (סלעט'-ערן) אַ שלומפּער [אַ פרוי]; וואָס איז שייך צו אַ שלומפּער; שלומפּעריש.

slat'ternly *a. and adv.* (סלעט'-ערנ-לי) שלומפּערדיג, שמוציג, נאַכלעסיג.

sla'ty *a.* (סליי'-טי) פון שיעפערשטיין; שיעפערפאַרביג, שוואַרץ־גרוי.

slaugh'ter *n. and v.* (סלאָה'-טער) אַ שחיטה, אַ הריגה, אַ בלוט־באַד; דאָס פערקויפען סחורות בחצי־חנם; שלאַכטען, אויס'הרג'ענען, אויסקוילען.

slaugh'terer *n.* (סלאָה'-טער-ער) איינער וואָס שלאַכטעט בהמות אָדער עופות; אַ שוחט, אַ קצב.

slaugh'ter-house *n.* (סלאָה'-טער-האַוס) אַ שלאַכטהויז; דאָס אָרט וואו פּיעל מענשען ווערען דער'הרג'עט.

slaugh'terous *a.* (סלאָה'-טער-אַס) מערדעריש.

Slav *n.* (סלאַוו) אַ סלאַוו [איינער פון

די סלאווישע נאציאנען, ווי די בולגארען, קראאטען, פוילען, רוסען א. ז. וו.].

Slav′dom *n.* (סלעוו′-דאם) די סלאווען; די סלאווישע פעלקער.

slave *n., a. and v.* (סלייוו) א שקלאף, א קנעכט, אן אונפרייער, א לייב=אייגענער; א שקלאפין; איינער וואס קען ניט ביישטעהן געגען א שלעכטער געוועהנהייט אדער תאוה; איינער וואס ארבייט ווי א שקלאף; א נידריגע בריאה, א פערקויפטע נשמה; שקלאפיש; וואס איז אויסגעארבייט פון שקלאפען; וואס בעזיצט שקלאפען; ארבייטען ווי א שקלאף, הארעווען איבער די כחות.

slave′-ant *n.* (סלייוו′-ענט) א מוראשקע וואס ווערט געהאלטען אין שקלאפעריי ביי אן אנדער מין מוראשקעס. ז. *slave-making*.

slave at (סלייוו עט) זעהר שווער ארבייטען ביי עפעס.

slave′-born *a.* (סלייוו′-באהרן) געבארען א שקלאף.

slave′-catch′er *n.* (סלייוו′-קעטש′-ער) א שקלאפען=כאפער.

slave′-cof′fle *n.* (סלייוו′-קאפ′ל) א שקלאפען=צוג, א מענגע צוזאמענגעשלאסענע שקלאפען.

slave′-deal′ing *n.* (סלייוו′-דיעל′-אינג) שקלאפען=האנדעל.

slave′-dogs *n.* (סלייוו′-דאגז) בלוט=הינד [הינד, וועלכע מען האט אויסגעלערענט נאכשפירען און כאפען אנטלאפענע שקלאפען].

slave′-dri′ver *n.* (סלייוו′-דראי′-ווער) א שקלאפען=טרייבער, איינער וואס צווינגט זיינע ארבייטער צו הארעווען שווער.

slave for (סלייוו פאר) זיך פלאגען פאר איינעם, שווער ארבייטען פאר איינעם.

slave′-fork *n.* (סלייוו′-פאהרק) דער שקלאפען=גאפעל, א שווערע גאפעל=פערמיגע צווייג פון א בוים, וועלכע ווערט בענוצט פון שקלאפען=פאנגער אין אפריקא צו האלטען די געפאנגענע שקלאפען אז זיי זאלען ניט אנטלויפען.

slave′holder *n.* (סלייוו′-האול-דער) א שקלאפען=אייגענטימער, א בעזיצער פון שקלאפען.

slave′holding *n. and a.* (סלייוו′-האול-דינג) שקלאפען=האלטעריי; שקלאפען=בעזיץ; וואס האלט שקלאפען.

slave′-hun′ter *n.* (סלייוו′-האנ′-טער) א שקלאפען=כאפער, איינער וואס פאנגט מענשען און פערקויפט זיי אלס שקלאפען.

slave′-ma′king *n.* (סלייוו′-מיי′-קינג) דאס מאכען שקלאפען, ווי געוויסע מוראשקעס [דיעזע מוראשקעס פאלען אן אויף א קאלאניע פון אנדערע מוראשקעס, פערנעהמען זייערע לארווען און הארעווען זיי אויס צו דיענען ביי זיי אלס שקלאפען].

slave′-mar′ket *n.* (סלייוו′-מאר′-קעט) א שקלאפען=מארק.

slave′-ow′ner *n.* (סלייוו′-או′-נער) א שקלאפען=בעזיצער.

sla′ver *n.* (סליי′-ווער) א שקלאפען=שיף [א שיף אין וועלכער מען פיהרט שקלאפען]; א שקלאפען=פאנגער; א שקלאפען=הענדלער.

slav′er *v. and n.* (סלעוו′-ער) גאווערען, לאזען סלינע אדער שפייעכץ פון מויל; פערשפייען, פערכראקען; שפייעכץ, סלינע.

slav′erer *n.* (סלעוו′-ער-ער) איינער וואס עס רינט איהם די סלינע; אן אידיאט, א גולם; אן אונטערלעקער; א חונף.

slav′eringly *adv.* (סלעוו′-ער-אינג-לי) לאזענדיג רינען די סלינע; גאווערענדיג.

slav′ery *a.* (סלעוו′-ער-אי) נאס פון שפייעכץ, פערגאווערט.

sla′very *n.* (סליי′-ווער-אי) שקלאפעריי, קנעכטשאפט.

slave′-ship *n.* (סלייוו′-שיפ) א שקלאפען=שיף. ז. *slaver*.

slave State (סלייוו סטייט) אין דער געשיכטע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א שקלאפען=שטאאט, איינער פון די 15 זיד=שטאאטען, וואו עס איז געווען ערלויבט שקלאפעריי ביז דעם בירגער=קריעג.

slave′-trade *n.* (סלייוו′-טרייד) שקלאפען=האנדעל.

slave′-tra′der *n.* (סלייוו′-טריי′-דער) א שקלאפען=הענדלער.

slave′-whip *n.* (סלייוו′-הוויפ) א שקלאפען=בייטש, אזא בייטש, מיט וועלכער מען פלעגט שמייסען שקלאפען.

sla′vey *n.* (סליי′-ווי) א דיענסטמיידעל.

Slav′ian *a. and n.* (סלעוו′-אי-ען) ז. *Slavic*.

Slav′ic *a. and n.* (סלעוו′-איק) סלאוויש; איינע פון די סלאווישע שפראכען.

sla′vish *a.* (סליי′-וויש) שקלאפיש, קנעכטיש; אונטערגעווארפען, געמיין.

sla′vishly *adv.* (סליי′-וויש-לי) אויף א שקלאפישען שטייגער; מעשה שקלאף.

sla′vishness *n.* (סליי′-וויש-נעס) קנעכטישקייט; שקלאפעריי.

Slav′ism *n.* (סלעוו′-איזם) סלאוויזם, די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון די סלאווען.

slavoc′racy *n.* (סלע-וואק′-רע-סי) די שקלאפען=האלטער אריסטאקראטיע, די שקלאפען=בעראנען.

sla′vocrat *n.* (סליי′-ווא-קרעט) א שקלאפען=באראן, איינער פון דער שקלאפען=האלטער אריסטאקראטיע.

Slavo′nian *a. and n.* (סלע-ווא′-ני-ען) סלאוואניש, וואס איז שייך צו סלאוואניען [א געגענד אין דער עסטרייך=אונגארישער מלוכה]; סלאוויש; א סלאוואניער; סלאוואנישע אדער סלאווישע שפראך.

Slavon′ic *a. and n.* (סלע-וואנ′-איק) סלאוואניש אדער סלאוויש; די סלאווישע שפראך.

Slav′onize *v.* (סלעוו′-א-נאיז) סלאוויזירען, מאכען סלאוויש.

Slav′ophil *n.* (סלעוו′-א-פיל) א סלאוואפיל, א סלאווען=פריינד [אן אנהענגער און פערטיידיגער פון דער סלאווישער ראסע און איהרע אייגענטימליכקייטען].

Slav′ophilism *n.* (סלעוו′-א-פיל-איזם) סלאוואפיליזם, די ליעבע צו דער סלאווישער ראסע און איהרע אייגענטימליכקייטען.

Slav′ophobist *n.* (סלעוו′-א-פאו-ביסט) א סלאווען=פיינד, איינער וואס האסט די סלאווישע ראסע.

slaw *n.* (סלאה) געהאקטע קרויט וואס ווערט געברויכט רויה אדער געקאכט.

slay *v. and n.* (סליי) טויטען, דערשלאגען, אומברייגען, מארדען; פערניכטען; א וועבער=קאם [א מין קאם, מיט וועלכען וועבער קלאפען צו די ברייטע פאדים אין געוועב].

slay′er *n.* (סליי′-ער) א טויט=שלעגער, א מערדער.

sleave *n. and v.* (סליעוו) א פלאנטער, קניפעלדיגע אדער געפלאנטערטע זייד; א פערפלאנטערטע זאך; א פערפלאנטערטער ענין; פאנאנדערפלאנטערען פאדים.

slea′ziness *n.* (סליע′-זי-נעס) דינקייט, גרינגקייט, לייכטקייט.

slea′zy *a.* (סליע′-זי) דין, לייכט [וועגען ציינג אדער שטאף].

sled *n. and v.* (סלעד) א שליטען; א שלעפ=וואגען; א גרויסער שמיעד=האמער; פאהרען אדער פיהרען מיט א שליטען; געפיהרט ווערען אויף א שליטען.

Sled

sled′-brake *n.* (סלעד′-ברייק) א שליטען=טארמאז [אזא שטעקען אבצוהאלטען דעם לויף פון א שליטען].

sled′ded *a.* (סלעד′-עד) געפיהרט אויף א שליטען; וואס פאהרט אויף א שליטען.

sled′der *n.* (סלעד′-ער) איינער וואס פאהרט אויף א שליטען; איינער וואס שליטעלט זיך; א פערד איינגעשפאנט אין א שליטען.

sled′ding *n.* (סלעד′-אינג) דאס פיהרען אדער פאהרען מיט א שליטען; א שליטוועג.

sledge *n. and v.* (סלעדזש) א שליטען; א שלעפ=וואגען; א גרויסער שמיעד=האמער; פאהרען אדער פיהרען מיט א שליטען.

sledge′-chair *n.* (סלעדזש′-טשעהר) א שטוהל=שליטען.

sledge′-dog *n.* (סלעדזש′-דאג) א שליטען=הונד, א הונד וואס ווערט געברויכט צו שלעפען א שליטען [ווי ביי די עסקימאסען].

sledge′-ham′mer *n. and v.* (סלעדזש′-העמ′-ער) א גרויסער שמיעד=האמער; שטארק קלאפען, שטארק שלאגען [ווי מיט א שמיעד=האמער].

sled′man *n.* (סלעד′-מען) א שליטען=אייגענטימער, א שליטען=אנטרייבער; איינער וואס פיהרט עפעס אויף א שליטען.

sleek *a., adv., n. and v.* (סליעק) גלאט, גלאנציג; כיטרע, דורכגעטריבען; בעטריגעריש; אונטערלעקעריש, חניפה′דיג; געשיקט, געניט; מיט געשיקטקייט; שעהן אויסגעארבייט אדער אויסגעפוצט; אויף א נעטען אופן; א גלאטע, גלאנציגע פלעכע [ווי פון וואסער], א גלאטער, געלעקטער אדער פערקאמטער פלאץ [ווי אויף א פעל פון א חיה]; מאכען גלאט און גלאנציג; בערוהיגען, איינשטילען; זיך גליטשען, זיך גלאט בעוועגען.

sleeked *a.* (סליעקט) גלאט.

sleek′er *n.* (סליעק′-ער) אן אינסטרומענט גלאט צו מאכען לעדער; אן אינסטרומענט גלאט צו מאכען אייזען=פורעמס; א רעגען=מאנטעל [ביי די רייטענדע פיהפאסטוכער אין די מערב=געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

sleek′-head′ed *a.* (סליעק′-העד′-ער) גלאט=קעפיג; מיט א גלאט=פערקאמטען קאפ.

sleek′ing *n.* (סליעק′-אינג) דאס מאכען גלאט און גלאנציג.

sleek′ing-glass *n.* (סליעק′-אינג-גלעס) אזא גלעזערנער אינסטרומענט צו מאכען געוועבטע שטאפען גלאט און גלאנציג.

sleek′ness *n.* (סליעק′-נעס) גלאטקייט,

גלאנציגקייט; געשיקטקייט; דאס זיין פיין, אויסגעארבייט; כיטרעקייט, בעטריגעריש-קייט, חניפה'דיגקייט.

sleek'-stone *n.* (סליעק'-סטאון) א גלעט-שטיין [א מין שטיין צו מאכען עפעס גלאטט].

sleek'y *a.* (סליעק'-אי) כיטרע, בעטריגעריש; אונטערלעקעריש, חניפה'דיג.

sleep *v. and n.* (סליעפּ) 1. שלאפען; איינשלאפען; פערשלאפען [עפּעס]; רוהען; זיין טויט; זיין בעגראבען; ענדערען די לאגע אין אבענד [וועגען פלאנצען און פלאנצען-טיילען]; זיין אדער ווערען אבגעטעמפּט אדער אבגעלעגען [וועגען קערפּער-גליעדער]; 2. בעזארגען מיט פלאץ צום שלאפען; 3. שלאף; רוהע; טויט; דאס איינשלאפען אום ווינטער [וועגען געוויסע חיות]; דאס ענדערען די לאגע אין אבענד [וועגען פלאנצען און פלאנצען-טיילען].

2. The car can sleep thirty persons.

sleep away' (סליעפּ ע-הוויי') פערשלאפען, אוועק'פטר'ען אדער פערברייננגען אין שלאפען.

sleep'-drunk *a.* (סליעפּ'-דראנק) צוטומעלט, פערטשאדעט אדער נערוועז פון שלאפען [ווי איינער וואס איז האלב-ערוואכט פון שווערען שלאף].

sleep'er *n.* (סליעפּ'-ער) א שלאפער, א שלעפער; א פּעפער; א ווינטער-שלעפער [א חיה וואס שלאפט אום ווינטער]; א טויטער, א מת; א שלאף-וואגאן; די שלאף-מויז אדער די וועווערקע-מויז [ז. *dormouse*]; דער שלעפער-האיפיש אדער גרענלאנדישער האיפיש [אזא זעהר ניט בעוועגליכער האיפיש. ז. *nurse-shark*]; א מין גאבי [אזא טייך-פיש]; א שוועל, א גרונד-באלקען, א קווער-באלקען; א שפאלע [דאס שטיק האלץ, צו וועלכען עס ווערען בעפעסטיגט די אייזענבאהן-שינען].

sleep'er-shark *n.* (סליעפּ'-ער-שארק) דער שלעפער-האיפיש אדער גרענלאנדישער האיפיש [אזא זעהר ניט בעוועגליכער האיפיש]. ז. *nurse-shark*.

sleep'ily *adv.* (סליעפּ'-אי-לי) שלעפּריג, פערשלאפען.

sleep'iness *n.* (סליעפּ'-אי-נעס) שלעפּריגקייט; פערשלאפענקייט; צוגעלעגנערטקייט, פוילונג [פון רייפע פרוכטען].

sleep'ing *a. and n.* (סליעפּ'-אינג) שלאפענד; דאס שלאפען; פערשלאפענקייט.

sleep'ing-bag *n.* (סליעפּ'-אינג-בעג) א פעלץ-זאק, אין וועלכען מען שלאפט אין די קאלטע געגענדען.

sleep'ing-car *n.* (סליעפּ'-אינג-קאר) א שלאף-וואגאן.

sleep'ing-car'riage *n.* (סליעפּ'-אינג-קער'-אידזש) ז. *sleeping-car*.

sleep'ing-draught *n.* (סליעפּ'-אינג-דרעפט) א שלאף-געטראנק.

sleep'ing-drop'sy *n.* (סליעפּ'-אינג-דראפּ'-סי) ז. *sleeping-sickness*.

sleep'ing part'ner (סליעפּ'-אינג פּארט'-נער) א שטילער שותף [אזעלכער וואס האט אריינגעלעגט געלד אין געשעפט, אבער ער איז ניט טהעטיג].

sleep'ing rent (סליעפּ'-אינג רענט) בעשטענדיגעס אדער בעשטימטעס ארענדע-געלד [ניט לויט דער הכנסה פון דעם פאכטער].

sleep'ing-room *n.* (סליעפּ'-אינג-רוהם) א שלאפצימער.

sleep'ing-sick'ness *n.* (סליעפּ' אינג-סיק'-נעס) שלאף-קראנקהייט, די נעגער-קראנקהייט אדער די אפריקאנישע קראנקהייט [א קראנקהייט וואס איז פערשפרייט אין וועסט-אפריקא, מעהרסטענטייל צווישען דער שווארצער בעפעלקערונג. איינער פון איהרע הויפט סמנים איז אן אנפאל פון שלאף].

sleep'less *a.* (סליעפּ'-לעס) שלאפלאז; וואכענד; אונרוהיג.

sleep'lessly *adv.* (סליעפּ'-לעס-לי) שלאפלאזיג; וואכענד; אויף אן אונרוהיגען אופן.

sleep'lessness *n.* (סליעפּ'-לעס-נעס) שלאפלאזיגקייט.

sleep off (סליעפּ אף) איבערשלאפען, פטור ווערען דורך שלאפען אדער אין צייט פון שלאף.

I slept off my headache.

sleep out (סליעפּ אוט) איבערשלאפען, פטור ווערען דורך שלאפען אדער אין צייט פון שלאף; שלאפען ניט אין דער היים.

sleep upon' both ears (סליעפּ א-פאן' באוטה איערז) שלאפען רוהיג, אהן זארג.

sleep'-wa'ker *n.* (סליעפּ'-הוויי'-קער) איינער וואס געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון היפּנאטיזם; א נאכט-וואנדלער, א סאמנאמבוליסט. ז. *somnambulist*.

sleep'-wa'king *n.* (סליעפּ'-הוויי'-קינג) דאס געפינען זיך אונטער דער ווירקונג פון היפּנאטיזם; נאכט-וואנדלונג; סאמנאמבוליזם. ז. *somnambulism*.

sleep'-walk'er *n.* (סליעפּ'-הוואהק'-ער) א נאכט-וואנדלער, א סאמנאמבוליסט.

sleep'-walk'ing *n.* (סליעפּ'-הוואהק'-אינג) נאכט-וואנדלונג, סאמנאמבוליזם.

sleep'y *a.* (סליעפּ'-אי) פערשלעפריג; שלעפריג; צוגעלעגערט, פוילענד [וועגען רייפע פרוכטען].

sleep'yhead *n.* (סליעפּ'-אי-העד) א פּעפער; א פוילענצער.

sleet *n. and v.* (סליעט) א שפריי-רעגען [א געמישט מיט שנעע אדער מיט א דראבנעם האגעל]; רעגענען, שנעען און האגלען צוזאמען [אין דער פארם פון א שפריי-רעגען].

sleet'iness *n.* (סליעט'-אי-נעס) דאס בעשטעהן פון א שפריי-רעגען געמישט מיט שנעע אדער דראבנעם האגעל.

sleet'y *a.* (סליעט'-אי) וואס בעשטעהט פון א שפריי-רעגען געמישט מיט שנעע אדער מיט דראבנעם האגעל.

sleeve *n. and v.* (סליעוו) אן ארבעל; אין מעכאניק—א רעהרע, אין וועלכער עס ווערט אריינגעשטעלט אן אנדער רעהרע אדער א שטאנג; א פלאנטער, אנגעפלאנטערטע זייד; צונעהען ארבעל; מאכען מיט ארבעל; פּאנאנדערפלאנטערען פעדים.

sleeve'-board *n.* (סליעוו'-באורד) א שניידער-ברעט צום אייגפרעסען ארבעל.

sleeve'-but'ton *n.* (סליעוו'-באט'ן) אן ארבעל-קנאפ, א מאנזשעטען-קנאפ.

sleeve'-coup'ling *n.* (סליעוו'-קאפּ'-לינג) א מופע אדער ראהר צום פערבינדען צוויי וואלצען אדער רעהרען.

sleeved *a.* (סליעווד) מיט ארבעל.

sleeve'-fish *n.* (סליעוו'-פיש) א ווייך-טהיער, א טינט-פיש. ז. *calamar*.

sleeve'-hand *n.* (סליעוו'-הענד) א מאנזשעט; דער טייל פון ארבעל ביים האנד-געלענק; א מאנזשעטען-קנאפ אויף א קייטעל.

sleeve'-knot *n.* (סליעוו'-נאט) אן ארבעל-שלייף [א שלייף פון א באנד וואס ווערט צוגענעהט צו אן ארבעל].

sleeve'less *a.* (סליעוו'-לעס) אהן ארבעל; זינלאז, נוצלאז, צוועקלאז, אונפאלקאם.

sleeve'less er'rand (סליעוו'-לעס ער'-ענד) אן אומזיסטיגער גאנג; א נוצלאזע ארבייט.

He wasted many precious hours on sleeveless errands.

sleeve'-link *n.* (סליעוו'-לינק) א קייטעל מאנזשעטען-קנאפ.

sleeve'-nut *n.* (סליעוו'-נאט) א דאפעל-מוטערקע, וואס שרויפט זיך פון איין זייט אויף רעכטס און פון דער צווייטער אויף לינקס, צו פערבינדען צוויי וואלצען אדער רעהרען.

Sleeve-nut

sleeve'-weight *n.* (סליעוו'-הוויט) א מעטאל-געוויכט ביים ברעג פון לאנגע ארבעל, וואס דערלאזט ניט, זיי זאלען צוקנייטשט ווערען.

slee'zy *a.* (סליע'-זי) ז. *sleazy*.

sleigh *n. and v.* (סליי) א שליטען; דער פאדערשטער טייל פון דעם אונטערשטען קינבאק ביי א וואלפיש [וואו עס געפינען זיך די ציינער]; פאהרען אויף א שליטען.

sleigh'-bell *n.* (סליי'-בעל) א שליטען-גלעקעל [א רונד גלעקעל].

sleigh'er *n.* (סליי'-ער) איינער וואס פאהרט אין א שליטען.

sleigh'ing *n.* (סליי'-אינג) 1. דאס פאהרען מיט א שליטען; 2. א שליט-וועג.

1. We enjoyed the **sleighing** in the park.
2. The **sleighing** is bad.

sleigh'-ride *n.* (סליי'-ראיד) דאס פאהרען אין א שליטען.

sleight *n.* (סלאיט) געשיקטקייט, כיטרעקייט; א קונסט-שטיק, א שפיצעל, א קונץ, א פאקוס.

sleight of hand (סלאיט אוו הענד) פאקוסען, קונץ-שטיק, שווארצקינסטלעריי.

sleight'-of-hand' *a.* (סלאיט'-אוו-הענד') שווארצקינסטלעריש, וואס מאכט פאקוסען אדער קונץ-שטיק.

A good **sleight-of-hand** performer can deceive the most watchful person.

slen'der *a.* (סלענ'-דער) 1. דין; שלאנק; 2. שוואך; 3. קנאפ, ווייניג, קארג; 4. מאגער, קליין; ארעם; 5. אונוויכטיג, נישטיג.

2. He is of **slender** built. 3. He is a man of **slender** means. 4. Kindly partake of this **slender** meal.

slen'derly *adv.* (סלענ'-דער-לי) דין; שלאנק; שוואך; אויף א קנאפען, קארגען, מאגערען אדער ארעמען אופן.

slen'derness *n.* (סלענ'-דער-נעס) דינקייט; שלאנקקייט; שוואכקייט; קארגקייט, ווייניגקייט, קנאפּקייט, ארעמקייט, קליינקייט.

slentan'do *adv.* (סלען-טענ'-דא) ז. *lentando*.

slepez' *n.* (סלע-פעץ') די בלינד-מויז. ז. *mole-rat*.

slept (סלעפּט) געשלאפען, איינגעשלאפען, פערשלאפען, גערוהט; אבגעטעמפּט, אבגעלעגען [וועגען קערפּער-גליעדער]; בעזארגט מיט פלאץ צום שלאפען. ז. *sleep*.

sleuth *n. and v.* (סלוהטה) א שפּור, א סליאד [נאך וועלכען מען שפּיאנירט אוים]; א שפּיאן; א געהיים-פאליציסט; נאכשפּיאנירען.

sleuth'-hound *n.* (סלוהטה'-האונד) א שפּיר-הונד, א בלוט-הונד.

slew *n.* (סלוה) א שנעלע שטרעמונג, א וואסער־ווירבעל; אן ארומדרעהונג; א בלאטע־גרוב; געשלאגען, גע'הרג'עט, געשאכטען [ז. *slay*].

sley *n.* (סליי) א וועבער־קאם. ז. *slay*

slice *n. and v.* (סלאיס) א פענעץ; א שטיקעל; א ברייט, דין שטיקעל; עטוואס וואס איז דין און ברייט [ווי למשל, פערשיעדענע מינים לאפעטקעס אדער מעסערס]; א ברייט מעסער; א לאפעטקע [צום פאנאנדערשמירען פארבען, צום איבערקעהרען פלייש אויף א בראט־פאן, צום צושניידען און דערלאנגען פיש ביים טיש א. ז. וו.]; דער בעוועגליכער דעק פון א זאץ־שופלע, מיט וועלכען מען נעהמט אראב דעם דרוק־זאץ פון דער שופלע [ז. *slice-galley*]; אבשניידען א פענעץ; אבשניידען א דין, ברייט שטיקעל; אראבשניידען; פאנאנדערטיילען.

slice'-gal'ley *n.* (סלאיס'-געל'-אי) א דרוק־זאץ־שופלע [אזא פלאך, שמאל קעסטעל פאר דרוק־זאץ מיט א בעוועגליכען דעק].

Slice-galley

sli'cer *n.* (סלאי'-סער) איינער וואס שניידט [דינע, ברייטע שטיקער פון עפעס]; עטוואס מיט וואס מען שניידט פענעצעס אדער ברייטע, דינע שטיקלעך. ז. *slice*

sli'cing-machine' *n.* (סלאי'-סינג-מע-שין') אזא מאשין צום שניידען אדער קנעטען ליים [פאר כלים].

slick *a., adv., n. and v.* (סליק) ז. *sleek*

slick'enside *n.* (סליק'נ-סאיד) א גלאטע, פאלירטע אויבערפלעכע פון פעלזען.

slick'er *n.* (סליק'-ער) ז. *sleeker*

slick'ing *n.* (סליק'-אינג) ז. *sleeking*

slick'ness *n.* (סליק'-נעס) ז. *sleekness*

slick'-stone *n.* (סליק'-סטאון) ז. *sleek-stone*

slid (סליד) געגליטשט; זיך געגליטשט. ז. *slide*

slid'den (סלידן) געגליטשט, זיך געגליטשט. ז. *slide*

slide *v. and n.* (סלאיד) גליטשען, זיך גליטשען; דורכגליטשען, זיך דורכגליטשען; אריינגליטשען, זיך אריינגליטשען; זיך אוועקגליטשען; אונבעמערקט פערשווינדען; זיך אויסדרעהען, פערשווינדען פון אונטער די הענד; זיך פארבייגליטשען, פארבייגעהן אונבעמערקט; אין מוזיק — אונבעמערקט איבערגעהן פון איין טאן צו א צווייטען; א גליטש; א גלאטער, לייכטער וועג; א גליטשיגע משופע'דיגקייט; אן ערד־שטורץ; א ברוך אדער שפאלט אין א מינע; א טייל פון אן אינסטרומענט וואס בעוועגט זיך הין און צוריק; א פארריכטונג איבער וועלכער עפעס גליטשט זיך; א פעהלער, א פערזעהען, א טעות; אן אונבעמערקבארער, שטופענווייזער איבערגאנג פון איין טאן צו א צווייטען.

slide'-ac'tion *n.* (סלאיד'-עק'-שאן) אזא געבוי פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען [ווי למשל, ביי א טראמבאן], ביי וועלכע די פערשיעדענע טענער בעקומען זיך דורך דעם וואס א געוויסער טייל פון אינסטרומענט בעוועגט זיך הין און צוריק.

slid'er *n.* (סלאיד'-ער) א גליטשער; עטוואס וואס גליטשט זיך אדער בעוועגט זיך הין און צוריק; א בעוועגליכער טייל פון עפעס; דער רויט־בייכיגער טעראפען [אזא שילדקרעטע אדער טשערעפאכע. ז. *terrapin*].

slide'-rail *n.* (סלאיד'-רייל) א פלאטפארם, מיט וועלכער מען פיהרט איבער וואגאנען פון איין אייזענבאהן־ליניע אויף דער צווייטער; א ווייך־שינע, א בעוועגליכע שינע [צום איבערפיהרען א צוג פון איין ליניע אויף דער צווייטער].

slide'-rest *n.* (סלאיד'-רעסט) א דרעה־באנק־שליטען [דער טייל פון א דרעה־באנק אדער טאק־מאשין, אין וועלכען עס איז בעפעסטיגט דער שנייד־אינסטרומענט].

slide'-rule *n.* (סלאיד'-רוהל) ז. *sliding rule*

slide'-trom'bone *n.* (סלאיד'-טראמ'-באון) א טראמבאן [אזא מוזיקאלישער בלאז־אינסטרומענט], ביי וועלכען די פערשיעדענע טענער בעקומען זיך ניט דורך קלאפענעס, נאר דורך דעם, וואס א געוויסער טייל פון דעם אינסטרומענט בעוועגט זיך הין און צוריק.

slide'-trum'pet *n.* (סלאיד'-טראמ'-פעט) א טרומייט, ביי וועלכען די פערשיעדענע טענער ווערען ארויסגעבראכט ניט דורך קלאפענעס, נאר דורך דער הין־און־הער בעוועגונג פון א געוויסען טייל פון דעם אינסטרומענט.

slide'-valve *n.* (סלאיד'-וועלוו) א שיעב־ווענטיל, א קלאפע וואס רוקט זיך אום.

slid'ing *n. and a.* (סלאיד'-אינג) דאס גליטשען זיך; דאס ארונטערגליטשען זיך; דאס פאלען; דאס אויסגליטשען זיך, דאס בעגעהן א פעהלער; גליטשיג, אונזיכער, פערענדערליך, אונבעשטענדיג; בעוועגליך; וואס קען זיך גליטשען.

slid'ing door (סלאיד'-אינג דאור) א שיעב־טהיר.

slid'ing-keel *n.* (סלאיד'-אינג-קיעל) א שיעב־קיעל [אזא בעוועגליכע פלאטפארם וואס לאזט זיך אראב ווערטיקאל דורך דעם דעק פון א שיף, אום בעסער צו קאנטראלירען די בעוועגונג פון דער שיף אדער אום צו פערקלענערען דאס טרייסלען בעת א שטורם].

slid'ingness *n.* (סלאיד'-אינג-נעס) גליטשיגקייט; אונזיכערהייט, פערענדערליכקייט, אונבעשטענדיגקייט; בעוועגליכקייט; געלויפיגקייט, לייכטקייט, פליסיגקייט [ווי למשל, פון א שפראך].

slid'ing rule (סלאיד'-אינג רוהל) א רעכען־שיעבער [אזא רעכען־שטאב מיט וועלכען די רעכנונגס־אפעראציאנען ווערען געמאכט דורך א קליין שיעבערעל וואס ווערט איינגעשטעלט אויף די נויטיגע ציפער אדער שטריכלעך און דורך א צינגעל מיט ציפערען און שטריכלעך, וואס מען קען איבעררוקען פון איין ארט אויף'ן צווייטען].

slid'ing sash (סלאיד'-אינג סעש) א שיעב־פענסטער [א פענסטער וואס רוקט זיך ארויף און אראב].

slid'ing scale (סלאיד'-אינג סקייל) א נארמע אדער ראטע פון פרייזען, ארבייטס־לוין, שטייער א. ד. ג. וואס ענדערט זיך אונטער געוויסע בעדינגונגען; א רעכען־שיעבער [ז. *sliding rule*].

slidom'eter *n.* (סלאי-דאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט וואס צייגט אן די אנשטרענגונג אדער שפאנונג אונטער וועלכער עס ווערען אונטערגעווארפען אייזענבאהן־וואגאנען, ווען זיי ווערען פלעצליך אבגעשטעלט.

slight *a., n. and v.* (סלאיט) דין; לייכט; שוואך; נאריש; קליין; אונבעדייטענד, אונוויכטיג; קנאפ; אויבערפלעכליך; פערעכטליך; פעראכטונג, גרינגשעצונג, איגנארירונג; אונאכטונג; איגנארירען; גרינגשעצען.

slight'er *n.* (סלאיט'-ער) א גרינגשעצער; איינער וואס איגנארירט אדער פערהאלט זיך מיט פעראכטונג אדער גרינגשעצונג.

slight'ing *n. and a.* (סלאיט'-אינג) אונאכטונג, איגנארירונג; פעראכטונג; גרינגשעצונג; גרינגשעצענד, פעראכטענד, פערעכטליך.

slight'ingly *adv.* (סלאיט'-אינג-לי) מיט גרינגשעצונג, מיט אונאכטונג; איגנארירענד.

slight'ly *adv.* (סלאיט'-לי) 1. לייכט, שוואך, אויבערפלעכליך, ווי־עס־איז; אונפאלקאם; 2. עטוואס, אביסעל; 3. מיט גרינגשעצונג, מיט אונאכטונג; 4. לייכטזיניג, אונאיבערלעגט.

1. He is **slightly** acquainted with art. 2. He is **slightly** wounded. 3. He speaks **slightly** of his acquaintances.

slight'ness *n.* (סלאיט'-נעס) דינקייט, לייכטקייט; קליינקייט, אונבעדייטענדקייט, שוואכקייט; קנאפקייט; אויבערפלעכליכקייט.

slight off (סלאיט אף) אוועקמאכען אונטער דער האנד, זיך בעציהען לייכט צו עפעס, לייכט אב'פטר'ען.

Only young people are able to **slight off** death with a jest.

slight o'ver (סלאיט או'-ווער) לייכט איבערגעהן איבער עפעס; טהאן עפעס אויבערפלעכליך.

sli'ly *adv.* (סלאי'-לי) ז. *slyly*

slim *a. and v.* (סלים) דין, שמאל; שלאנק; שוואך; דעליקאט; אונבעדייטענד, אונוויכטיג; קנאפ, ווייניג; קליין; טהאן אן ארבייט אבי־ווי.

slime *n. and v.* (סלאים) שלאם, קלעפיגע בלאטע; א קלעפיגע זאך; עטוואס וואס איז קלעפיג אדער רופט ארויס עקעל; אספאלט; צושטויבטער ערץ [רויהער מעטאל] געמישט מיט וואסער; שמויז, שמוציגע רייד אדער האנדלונגען; בערעקען מיט שלאם, מאכען שלאמיג; ווערען שלאמיג; אראבנעהמען דעם שלאם.

slime'-pit *n.* (סלאימ'-פיט) אן אספאלט־גרוב; א רעזערוואואר פאר צושטויבטען ערץ, וואס איז געמישט מיט וואסער.

slim'ily *adv.* (סלאימ'-אי-לי) אויף א שלאמיגען אדער קלעפיגען אופן; ווי שלאם; אויף א שמוציגען אופן.

slim'iness *n.* (סלאימ'-אי-נעס) שלאמיגקייט, בלאטיגקייט, קלעפעדיגקייט; שמוציגקייט.

slim'ly *adv.* (סלימ'-לי) 1. דין; שמאל; שלאנק; שוואך; דעליקאט; 2. קנאפ, קארג, ווייניג; 3. אונוויכטיג, אונבעדייטענד.

2. The meeting was **slimly** attended.

slim'mish *a.* (סלימ'-איש) עטוואס דין, שמאל אדער שלאנק; שוואכליך; קנאפליך.

slim'ness *n.* (סלימ'-נעס) דינקייט, שמאלקייט; שלאנקייט; שוואכקייט, דעליקאטנעקייט; אונבעדייטענדקייט; קנאפקייט; קליינקייט.

slim'sy *a.* (סלימ'-זי) 1. שוואך; 2. דין און שוואך.

1. The building is old and **slimsy** 2. We bought some **slimsy** calico.

slim'y *a.* (סלאימ'-אי) שלאמיג, בלאטיג, קלעפיג.

sli'ness *n.* (סלאי'-נעס) ז. *slyness*

sling *v. and n.* (סלינג) .1 שליידערען, ווארפען; .2 אויפהענגען, אריבערהענגען, אריבערווארפען [ווי איבער׳ן אקסעל]; .3 שווינגען, וואקלען, שלעפען אויף שטריק; אויפהענגען אויף עפעס צום ארויפציהען; .4 פאנאנדערשניידען אויף דינע שטיקלעך מיט א פארים אדער מיט א דראטה [ליים פאר טעפ=ארביים, אום ארויסצונעהמען די פערהארטעוועטע טיילען]; .5 זיך שווינגען; זיך שנעל בעוועגען מיט ברייטע, לייכטע, שווינגענדע טריט; .6 שנייצען די נאז מיט די פינגער; .7 א שוואונג, א שליידער, א ווארף; א שטויס, א קלאפ; .8 דער געוועהר=רימען אדער שליידער=רימען [צום שליידערען שטיינער]; .9 א נאכהענגענדער שלייף; א הענגענדער באנדאזש; 10 אזא האקען צום ארויפציהען און ארונטערלאזען משאות; א קייט אדער שטריק צום בעפעסטיגען א קוועטער=שטאנג פון א מאסט; .11 א שווינגענדע, לייכטע בעוועגונג; .12 א וואקלענדע בעוועגונג פון א מיהל=שטיין; .13 עטוואס וואס הענגט [ווי למשל, א הענגענדער געשטעל פאר מויער=ארבייטער].

2. The hunter **slung** the rifle over the shoulder. 3. The casks were **slung** from the hold of the ship. 5. The runners started at a long **slinging** trot. 7. The deadly **sling** of the hailstones ruined the corn on the fields. 9. He has his arm in a **sling**.

sling′-bone *n.* (סלינג׳–באון) דער שפרינג=ביין [איבער דעם פוס=קנעכעל]. ז. *astragal*

sling′-cart *n.* (סלינג׳–קארט) אזא טראנספארט=וואגען פאר קאנאנען און הארמאטען.

sling′-dog *n.* (סליג׳–דאג) א שוואונג=האקען [אזא האקען צום אויפהויבען און ארונטערלאזען משאות].

Sling-dog

sling′er *n.* (סלינג׳–ער) א שליידערער, א ווארפער; איינער וואס בענוצט זיך מיט א געוועהר=רימען אדער שליידער=רימען [צום שליידערען שטיינער].

sling ink (סלינג אינק) זיך שרייבען; זיך בעשעפטיגען מיט שרייבעריי; פאטשקען, שמירען.

sling′-piece *n.* (סלינג׳–פיעס) אזא קליינער הארמאט.

slings *n.* (סלינגז) א הענגענדער געשטעל [פאר מויער=ארבייטער].

sling′-stone *n.* (סלינג׳–סטאון) א שליידער=שטיין [א שטיין געווארפען מיט דער הילף פון א שליידער=רימען].

sling′-wag′on *n.* (סלינג׳–הוועג׳–אן) ז. *sling-cart*

slink *v., n. and a.* (סלינק) זיך שטיל אברוקען אדער זיך אבטראגען, זיך ארויסגנב׳ענען; אבווארפען אדער מפיל זיין [וועגען חיות]; אבווארפען [א טויט קאלב]; זיין ניט רייף צום עסען; א שווינדלער, א גנב; א קמצן, א קארגער; אן אויסגעהונגערטער און דארער מענש [צוליעב קארגשאפט]; א מאגערער, ביינערדיגער פיש; א פריהצייטיג געבארענע אדער טויט=געבארענע קאלב; דאס פלייש פון אזא קאלב; א ממזר; געבארען פאר דער צייט, טויט געבארען; אונרייף אדער ניט פאסיג [אלס שפייז]; דין, מאגער, אויסגעדארט, פערהונגערט; שווינדלעריש, געמיין.

slink′-butch′er *n.* (סלינק׳–בוטש׳–ער) א קצב וואס פערקויפט פלייש פון טויט=געבארענע אדער גע׳פגר׳טע פיה; א קצב וואס פערקויפט פארלע.

slink′er *n.* (סלינק׳–ער) א מין העכט. ז. *pickerel*

slink′-skin *n.* (סלינק׳–סקין) די פעל פון א טויט=געבארענעם קאלב; לעדער פון אזא פעל.

slink′y *a.* (סלינק׳–אי) דין, דאר, מאגער.

slip *v. and n.* (סליפ) זיך גליטשען; זיך לייכט בעוועגען; זיך אויסגליטשען; מאכען א פעהלער; זיך ארויסגליטשען; אונבעמערקט פערגעהן אדער פערשווינדען; זיך ארויס׳גנב׳ענען; זיך ארויסדרעהען; זיך שטיל אבטראגען; ארייןגנב׳ענען, ארייןשמוגלען; זיך אברייסען, זיך בעפרייען; אראבווארפען פון זיך, זיך בעפרייען פון עפעס; בעפרייען; אבלאזען; פארבייגעהן אונבעמערקט אדער ניט=אויסגענוצט; פארביילאזען אונבעמערקט אדער ניט=אויסגענוצט; אבשניידען א צווייג [צום איבערפלאנצען]; מפיל זיין; אויסגליטשונג; א פעהלער, א פערזעהן, א טעות; א זינד; א לייכטע אבנייגונג אדער אויסבויגונג [פון פעלזען]; אן אברוקונג, אן אבווייכונג; עטוואס וואס גליטשט זיך לייכט אראב אדער ווערט לייכט ארונטערגענומען; א קינדערש מאנטעלע; אן אונטער=קליידעל [הויפטזעכליך א קאלירטעס, וואס זעהט זיך דורך דורך׳ן אויבערשטען קליידעל]; א ציכעל, א דעקעל, א קישען=ציכעל; ליים [פאר טעפ] אין א האלב=פליסיגען צושטאנד; א משופע׳דיגע פלעכע; א פאררריכטונג ארויסצוהויבען א שיף פון וואסער [צום פעררריכטען]; א פלאץ פאר א שיף אין א האפען; אן אבטיילונג אין א רעסטאראן; א שטרייף; א פאס; א פלאכעס שטיק; עטוואס וואס ווערט בענוצט צום אויספילען א שטח צווישען צוויי טיילען אדער זיי צו פעראייניגען; אן ענטוואורף פון א פאליסע [פערזיכערונגס=אבמאך]; א צווייגעל; א צווייגעל אבגעשניטען צום איבערפלאנצען; א געוויסע מאס פון פאדים; א שופלע=קארעקטור [א קארעקטור פון דרוק=זאץ, וואס איז נאך ניט אויסגעשטעלט אין זייטען אדער שפאלטען]; אין קריקעט=שפיעל — דער שפיעלער וואס שטעהט הינטער דעם טויער=וועכטער רעכטס; א פאררריכטונג שנעל אבצוטשעפען פערשיעדענע זאכען אויף א שיף; א מין רעהרעל צום ארייןלעגען א דראט אין געפאלסטערטען מעבעל; א מפיל; א קלעפיגער שטאף.

slip′-board *n.* (סליפ׳–באורד) א שיעב=ברעט, א רוק=ברעט.

slip′-car′riage *n.* (סליפ׳–קער׳–אידזש) א וואגאן צוגעטשעפעט צו א קוריער=צוג אזוי, אז מען קען איהם אבטשעפען בעת דער צוג האלט אין לויפען.

slip′-cov′er *n.* (סליפ׳–קאוו׳–ער) א מעבעל=ציך, א מעבעל=בעצוג.

slip′-decora′tion *n.* (סליפ׳–דעק–א–ריי׳–שאן) א געוויסע פארם פון דעקאראציאנען אויף טעפער=וואארען.

slip′-dock *n.* (סליפ׳–דאק) א משופע׳דיגער דאק. ז. *dock*

slipe *n.* (סלאיפ) א שלעפ=וואגען, א שליטען [אין מיענען].

slip′-gal′ley *n.* (סליפ׳–געל׳–אי) א דרוק=זאץ=שופלע. ז. *galley*

slip′-hook *n.* (סליפ׳–הוק) א שיפס=האקען, וואס נעהמט זיך לייכט ארונטער.

slip′-house *n.* (סליפ׳–האוס) א נעביידע צום אויסדרונסטען האלב=פליסיגע ליים [אין בעקענס]. ז. *slip-kiln*

slip′-kiln *n.* (סליפ׳–קילן) אין טעפעריי — א בעקען אדער א רייה בעקענס צום אויסדרונסטען האלב=פליסיגע ליים.

slip′-knot *n.* (סליפ׳–נאט) א שלייף=קנופ, א שלייף, א פעטליע.

slip′-link *n.* (סליפ׳–לינק) א לויזע פערבינדונג.

slip off (סליפ אף) זיך אויסדרעהען, זיך ארויסגליטשען, אונבעמערקט פערשווינדען; אראבגליטשען, שטיל און שנעל אראבשלעפען אדער אראבנעהמען.

slip of the pen (סליפ אוו טהי פען) א שרייב=פעהלער, א גרייז.

slip of the tongue (סליפ אוו טהי טאנג) דאס פערריידען זיך, דאס ארויסכאפען זיך מיט א ניט ריכטיגעןווארט אדער אויסדרוק.

slip on (סליפ אן) ארויפווארפען אדער ארויפשלעפען אויף זיך [וועגען קליידער וועלכע מען טהוט אן אין איילעניש].

He **slipped on** the coat and ran out of the house.

slip one’s breath (סליפ הוואנז ברעטה) אויסהויכען די נשמה, שטארבען.

slip one’s wind (סליפ הוואנז הווינד) אויסהויכען די נשמה, שטארבען.

slip′per *n.* (סליפ׳–ער) א פאנטאפעל; אזא קינדערש מאנטעלע; די פאנטאפעל=פלאנצע [אזא בוימעל אדער קוסט, ביי וועלכען די בלומען=בלעטלעך שטעלען צוזאמען עטוואס עהנליכעס צו א שוך]; א מין טארמאז אדער ברעמזע פאר א וואגען; איינער אדער עטוואס וואס גליטשט זיך ארויס אדער בעפרייט זיך; איינער אדער עטוואס וואס בעפרייט, לאזט אב אדער לאזט זיך ארויסגליטשען; איינער פון די יעגערס, וואס האלט צו די הינד [און לאזט זיי אב אין פאסיגען מאמענט].

slip′per-bath *n.* (סליפ׳–ער–בעטה) א פאנטאפעל=פערמיגע וואנע [א וואנע וואס איין ענד איז ברייטער און דער צווייטער שמעלער].

slip′per-drag *n.* (סליפ׳–ער–דרעג) א טארמאז [ברעמזע] פאר א שווערען וואגען.

slip′pered *a.* (סליפ׳–ערד) וואס טראגט פאנטאפעל.

slip′per-flow′er *n.* (סליפ׳–ער–פלאו׳–ער) די פאנטאפעל=פלאנצע [ז. *slipper*]; די פאנטאפעל=בלום [ז. *slipperwort*].

slip′perily *adv.* (סליפ׳–ער–אי–לי) גליטשיג; אויף אן אונעהרליכען אופן; אויף א צולאזענעם אדער תאוה׳דיגען אופן; אויף אן אונזיכערען, אונבעשטענדיגען, פערענדערליכען אדער אונצופערלעסליכען אופן; מיט כיטרעקייט, אויף א בעטריגערישען אופן.

slip′periness *n.* (סליפ׳–ער–אי–נעס) גליטשיגקייט; אונצופערלעסליכקייט, אונזיכערהייט; אונעהרליכקייט; כיטרעקייט; בעטריגערישקייט; אונבעשטענדיגקייט, פערענדערליכקייט; צולאזענקייט, תאוה׳דיגקייט.

slip′per-plant *n.* (סליפ׳–ער–פלענט) די פאנטאפעל=פלאנצע. ז. *slipper*

slip′per-spurge *n.* (סליפ׳–ער–ספוירדזש) די פאנטאפעל=פלאנצע. ז. *slipper*

slip′perwort *n.* (סליפ׳–ער–הווארט) די פאנטאפעל=בלום [א פלאנצע מיט געלבע און פורפור=געפלעקטע בלומען, וואס

די אונטערשטע בלומען־בלעטלעך האבען די פארם פון א פאנטאפעל].

slip'pery *a.* (סליפ'-ער-אי) 1. גליטשיג; 2. ניט צופערלעסליך; אונעהרליך; 3. פערענדערליך, אונבעשטענדיג; 4. צולאזען, תאוה'דיג; 5. כיטרע, שווינדלעריש.

1. The **slippery** sidewalk makes walking very hard. 2. He is too **slippery** a person to trust. 3. He owes his success to a **slippery** turn of fortune.

slip'pery-elm' *n.* (סליפ'-ער-אי-עלם') דער רויטער אולם־בוים אדער דער מוסטהיער אולם־בוים [אזא גרויסער בוים פון נארד־אמעריקא מיט א קלעפיגער אונטערשטער קארע]. ז. *elm*

slip'pery ground (סליפ'-ער-אי גראונד) א גליטשיגער באדען, אן אונזיכערער באדען, אונזיכערהייט, ריזיקאלישקייט.

slip'py *a.* (סליפ'-אי) ז. *sloppy*

slip'-rails *n.* (סליפ'-רײלז) קוועער־באלקענס אדער ברעטער פון א טויער אדער פערצאמונג, וואס קענען ארויסגענומען ווערען און צוריק אריינגעשטעלט ווערען.

slip'-rope *n.* (סליפ'-ראופ) א גליטש־שטריק [א שטריק, וואס מען קען לייכט אבלאזען; א שטריק צום בעפעסטיגען א שיף, וואס געהט דורך א רינג].

slips *n.* (סליפס) די שטריקלעך אדער פלאקס־שנירלעך, וואס ווערען איינגענעהט אין א רוקען פון א בוך.

slip'shod *a.* (סליפ'-שאד) 1. וואס טראגט אויסגעטראטענע שיך אדער פאנטאפעל; וואס טראגט שלעפ־שיך; 2. אבגעלאזען.

2. He has a **slipshod** style of writing.

slip'slap *v., n. and a.* (סליפ'-סלעפ) ז. *slipslop*

slip'slop *v., n. and a.* (סליפ'-סלאפ) מאכען א גערויש ווי ווען מען געהט אין אויסגעטראטענע פאנטאפעל, זיך בעוועגען ווי אין אויסגעטראטענע פאנטאפעל; וואסערדיגע משקה, שיטערע, וואסערדיגע שפייז; א פעהלער, א פערזעהן, א טעות; אבגעלאזען.

slip'sloppy *a.* (סליפ'-סלאפ-אי) נאס, בלאטיג.

It is a **slipsloppy** day.

slip'-stitch *n.* (סליפ'-סטיטש) א נאהט אין שטיקעריי.

slipt (סליפט) געגליטשט, זיך געגליטשט; זיך ארויסגעדרעהט; אונבעמערקט פערשוואונדען; פערגעסען; פערבייגעגאנגען אונבעמערקט; אבגעשניטען א צווייג [צום פערפלאנצען]. ז. *slip*

slip the col'lar (סליפ דהי קאל'-אר) ארויסווארפען דעם יאך, זיך בעפרייען.

slip the leash (סליפ דהי ליעש) זיך בעפרייען פון א שלייף [ווי א הונד]; זיך בעפרייען פון עפעס.

slip up (סליפ אפ) 1. זיך אויסגליטשען; 2. מאכען א פערזעהן, בעגעהן א פעהלער, האבען א טעות.

2. He often **slips up** on his grammar.

slip'way *n.* (סליפ'-הוויי) משופע'דיגקייט פון א דאק. ז. *slip-dock*

slirt *v. and n.* (סלירט) א שלײדער טהאן; א שלײדער.

slish *n. and v.* (סליש) ז. *slash*

slit *n. and v.* (סליט) א שפאלט, אן איינשניט; צושניידען, מאכען אן איינשניט.

slit'ting-mill *n.* (סליט'-אינג-מיל) א מאשין צו צושניידען שטאבעס אייזען אויף דינע שטענגלעך פאר טשוועקעס א. ז. וו.; א מאשין צו שניידען דימענטען און אנדערע זעהר הארטע שטאפען. ז. *slitting-rollers*

slit'ting-roll'ers *n.* (סליט'-אינג-ראול'-ערז) א פאר ראלען דורך וועלכע אייזערנע פלאטען ווערען געשניטען אין לאנגע גלייכע פאסען.

Slitting-rollers

slit'ting-saw *n.* (סליט'-אינג-סאה) א מין זעג צום שניידען ברעטער אין דינע שטרייפען.

slit'ting-shears *n.* (סליט'-אינג-שיערז) א מאשין פאנאנדערצושניידען אייזערנע שטאבעס אין דינע שטענגלעך.

slive *v.* (סלאיוו) זיך ארויסגליטשען; זיך דורכגליטשען, דורכקריכען; צו'פטר'ען צייט; ארויפווארפען אויף זיך, אנטהאן [א בגד].

snap *v., n. and a.* (סנעפ) א כאפען; א כאפ טהאן מיט די צייהנער, א ביס טהאן; איבעררייסען, אונטערברעכען מיט כעס, מיט שארפע ווערטער; צומאכען מיט א שטארקען קלאפ; קנאקען [ווי מיט די פינגער], כליאשטשען [מיט א בייטש]; צוברעכען מיט א קלאפ; ארונטערנעהמען [א בילד] דורך מאמענט־פאטאגראפיע; עפעס אונטערכאפען [ווי א פארשלאג, א געלעגענהייט א. ד. ג.]; זיך אנ־שטרענ־גען א ביס צו טהאן אדער א כאפ צו טהאן מיט די צייהנער; זיך אויסדריקען מיט שארפע רייד, אנפאלען מיט זידעל־ווערטער; זיך צוברעכען אויף פיצלעך; פלאצען, לאזען זיך הערען מיט א קלאפ; א בליאסק טהאן, א בלישטש טהאן; א כאפ; א ביס; א לייכטעס אדער שנעלעס צובייסען; דאס פלאצען, דאס צוברעכען זיך אויף שטיקלעך; א טראסק, א קנאל; דאס שלעסעל פון א טייסטער, פון א רידיקול, פון א בראסלעט א. ז. וו.; א קנאקער [אזא זשוקעל וואס קנאלט אדער קנאקט]; א מין לעקעך געמאכט מיט אינגבער; שטארקייט, קרעפטיגקייט, ענער־גיע, לעבען; א גוטע שטעלע, אן אנגע־נעהמעס שטיקעל ארבייט; אן איינלא־דונג צו שפּיעלען אין א טעאטער אויף א קורצער צייט; אן אויער־רינגעל; א שעלמע, א כיטרער, דורכגעטריבענער יונג; אין גלאז־ארבייט — אזא געצייג צו מאכען דעם געשטעל פון א קעלעשאק א. ד. ג.; אזא געצייג ארומצוקלאפען די קעפלעך פון ניעט־נעגעל [ביים פערניע־טען עטוואס]; דאס ארונטערנעהמען א מאמענט־פאטאגראפיע; שנעל, מאמענ־טאל, פלוצלונג, ניט צוגעגרייטערהייד.

snap'-ap'ple *n.* (סנעפ'־עפ'ל) א שפּיעל, וואו א שטעקעל, וואס איז אנגע־בונדען אין מיטען אויף א פאדים און הענגט האריזאנטאל, דרעהט זיך אין א קרייז־בעוועגונג. אויף איין ענד איז ארויפגעשטאכען א ברענענדעס ליכט און אויף דעם צווייטען — אן עפעל. דער שפּיעלער דארף כאפען דעם עפעל מיט'ן מויל.

snap'dragon *n.* (סנעפ'־דרעג־אן) דאס לייבען־מויל [א מין דרום־אייראפעאישעס זעהר הויכעס גראז מיט ווייסע און רויט־ליכע בליהונגען]; א ספארט וואס בע־שטעהט אין ארויסכאפען מיט די פינגער ראזשינקעס פון ברענענדען בראנפען און אויפעסען זיי; אזא ארט צווייגעל וואס גלאז־מאכער בענוצען.

snap'hance *n.* (סנעפ'־העגס) א פרו־זשינע־שלאס פון א ביקס אדער פיסטא־לעט; אן אלטפרענקישע ביקס, וועלכע פלעגט אויסשיסען דורך דעם קלאפ פון א שטיקעל שטאהל אן קרעמען [אזא הארטער שטיין].

snap'-head *n.* (סנעפ'־העד) א געצייג צו פעררונדען די קעפלעך פון די ניעט־נעגעל ביים ניעטען; א רונדעס קעפעל פון א ניעט, שפילקע אדער שטיפט.

snap'-hook *n.* (סנעפ'־הוק) א קרוק אדער האקען, וואס פערמאכט זיך.



Snap-hook

snap'-link *n.* (סנעפ'־לינק) אן אפענער

קייטען־רינג, וואס פערשליסט זיך דורך א צינגעל.



Snap-link

snap'-lock *n.* (סנעפ'-לאק) א פעדער־שלאס [א שלאס וואס פערשליסט זיך אהן א שליסעל].

snap off (סנעפ אף) אבברעכען, אבבייסען; פלוצלונג אנפאלען מיט שארפע רייד אדער זידעל־ווערטער.

snap'per *n.* (סנעפ'-ער) א כאפער, א גנב; א שאכטעל צוקערקעס מיט א פייער־ווערק וואס עקספלאדירט ביים עפנען דאס שאכטעל; א קנאקענדע זאך ביים ענד פון א בייטש; א שארפער וויץ; א פייער־ווערק; א קנאקענדער אינזעקט; אזא טשערעפאכע וואס קנאקט מיט'ן קאפ ביים בעוועגען זיך; איינער פון פערשיעדענע זארטען פיש [ווי דער בלוי־פיש, דער רויט־פיש א. ז. וו.]; דער פליעגען־כאפער [אזא פויגעל]; א קאסטאנעט, א טאנץ־קלאפער [ז. *castanet*].

snap'ping-tur'tle *n.* (סנעפ'-אינג-טויר'טל) דער אליגאטאר־שילדקראט [א מין גרויסע טשערעפאכע, וועלכע קנאקט מיט די קינבאקען ביים כאפען דאס רויב].



Snapping-turtle

snap'pish *a.* (סנעפ'-איש) בייסענד; מיט א שארפען ענטפער; בייז, ברוגז'דיג, אנגעבלאזען.

snap'pishly *adv.* (סנעפ'-איש-לי) מיט צארן, ברוגז'דיג, אנגעבלאזען.

snap'pishness *n.* (סנעפ'-איש-נעס) בייסיגקייט; בייזקייט; שלאגפערטיגקייט.

snap'py *a.* (סנעפ'-אי) לעבעדיג, ריה־רעוודיג, אויפטהועריש.

snap'-shot *n.* and *a.* (סנעפ'-שאט) מאמענט־פאטאגראפיע, דאס ארונטערנעהמען אן אויגענבליקליכעס פאטאגראפישעס בילד מיט א קליינעם האנד־אפאראט; וואס איז שייך אדער וואס איז צוגעפאסט צו מאמענט־פאטאגראפיע; דורכגעפיהרט אדער געמאכט שנעל אין איין אויגענבליק.

snap shot (סנעפ שאט) א שנעל־שאס [ניט געציעלטערהייד]; א פאטאגראפישע מאמענט־אויפנאהמע.

snare *n.* and *v.* (סנעהר) א נעץ; א שנירעל אדער פאדים מיט א שלייף אדער פעטליע [צו כאפען פויגעל]; דאס וואס דיענט עפעס אריינצוכאפען, א פאסטקע; איינע פון די סטרונעס, וועלכע ציהען זיך איבער דעם אונטערשטען דעק פון א קליינער מיליטערישער פויק; אין כירורגיע — א דינער דראט מיט א שלייף ארונטערצונעהמען א געשוויר אדער בלעזעל פון לייב; כאפען מיט א פעטליע [ווי א פויגעל]; אריינכאפען אין א פאסטקע.

snare'-drum *n.* (סנעהר'-דראם) ז. *side-drum*.

snar'er *n.* (סנעהר'-ער) איינער וואס לעגט א נעץ אדער פאסטקע צו כאפען פויגעל אדער חיות.

snarl *v.* and *n.* (סנארל) מורמלען, ווארטשען; ברומען; זיין בייז; זיך בייזערען; פערפלאנטערען, אויסמישען; מאכען א מישמאש; בעציערען די אויסערע זייט פון א כלי דורך אויסקלאפען פיגורען פון דער אינערער זייט; דאס ווארטשען, דאס ברומען; א פלאנטער; א געמיש; א פערפלאנטערטע לאגע; א פערלעגענהייט; א צוזאמענשטויס, א קריעג; א גוז אדער סענק [אין האלץ].

snar'ler *n.* (סנאר'-לער) א ווארטשון; א בייזער מענש; איינער וואס בעציערט מעטאלענע כלים אויסשלאגענדיג פיגורען פון דער אינערער זייט.

snar'ling *a.* (סנאר'-לינג) ווארטשענד, ברומענד.

snar'ling-i'ron *n.* (סנאר'-לינג-אי'-ערן) אן אינסטרומענט אויסצושלאגען פיגורען פון אינוועניג אין מעטאלענע כלים.

snar'ling-tool *n.* (סנאר'-לינג-טוהל) ז. *snarling-iron*.

snatch *v.* and *n.* (סנעטש) כאפען, צוכאפען; א כאפ טהאן; אוועקכאפען; אנגרייפען; א כאפ; אן אנגריף; אן אוועקגעכאפטעס שטיק; א שטיקעל; א ביסעל; א געכאפטער ביסען, א ביסען וואס מען כאפט אריין אין איילעניש; א ווערטהלאזע בעמערקונג, אן ענטפער ניט צום פונקט.

snatch'-block *n.* (סנעטש'-בלאק) א פוס־בלאק, א קינבאקס־בלאק [א 'בלאק פון א שיף וואס האט אן עפנונג אין איין זייט אריינצולעגען די שטריק].



Snatch-block

snatch'er *n.* (סנעטש'-ער) א כאפער, א צוכאפער, אן אוועקכאפער; א רויבער; א רויב־פויגעל.

snatch'es of pleas'ure (סנעטש'-עז אוו פלעזש'-אור) שנעל אריבערגעהענדע פערגניגענס אדער פריידען.

snatch'ingly *adv.* (סנעטש'-אינג-לי) כאפענדיג; מיט שנעלקייט, מיט האסט, אונרעגעלמעסיג.

snatch up (סנעטש אפ) אויפכאפען.

snatch'y *a.* (סנעטש'-אי) כאפענדיג; האסטיג; אונרעגעלמעסיג, אונגלייכפערמיג; וואס האלט לאנג ניט אן.

snath *n.* (סנעטה) דאס געבויגענע הענטעל פון א קאסע.

snathe *n.* and *v.* (סנייטה) דאס געבויגענע הענטעל פון א קאסע; שניידען; ארומשניידען; ארומהאקען.

snead *v.* and *n.* (סניעד) שניידען; ארומשניידען, ארומהאקען; א שטיקעל; א ביסען, א פעניצעל.

sneak *v.* and *n.* (סניעק) אריינקריכען ווי א גנב, זיך אונטער'גנב'ענען אין דער שטיל; זיך אויפפיהרען קנעכטיש; קריכען אדער זיך ערנידריגען פאר אימעצען; גנב'ענען; א געמיינער יונג, א פאדלעץ; א געמיינער פייגלינג; א קריכער, אן אונטערלעקער; א געמיינער גנב.

sneak away' (סניעק ע-הוויי') זיך אוועק'גנב'ענען.

sneak'-boat *n.* (סניעק'-באוט) א קליין געדעקט שיפעל וואס ווערט בענוצט צו פאנגען וואסער־פויגעל.

snea'ker *n.* (סניע'-קער) א קריכער; א קנעכטישע נשמה; א פייגלינג; א פונשבעכער.

snea'kiness *n.* (סניע'-קי-נעס) ז. *sneakingness*.

snea'king *a.* (סניע'-קינג) קריכענד, נידריג; קנעכטיש, געמיין, פייג; געהיים, פער'גנב'עט.

snea'kingly *adv.* (סניע'-קינג-לי) אויף א קריכענדען אדער קנעכטישען אופן; בגנבה; געמיין, פייג.

snea'kingness *n.* (סניע'-קינג-נעס) דאס זיין קריכעריש אדער קנעכטיש; געמיינהייט, פייגהייט, נידריגקייט.

sneaks'by *n.* (סניעקס'-בי) א געמיינער לומפיגער יונג; א קריכער, א קנעכטישע נשמה.

sneak'-thief *n.* (סניעק'-טהיעף) א גנב וואס גנב'עט זיך אריין דורך אפענע טהירען אדער פענסטער.

snea'ky *a.* (סניע'-קי) קריכעריש, נידריג, קנעכטיש; געמיין, פייג.

snee *n.* (סניע) א מעסער.

sneer *v.* and *n.* (סניער) שפאטען, חוזק מאכען; אבלאכען; שפאט, חוזק.

sneer'er *n.* (סניער'-ער) א שפאטער; אן אבלאכער, אן אבשפאטער, א חוזק־מאכער.

sneer'ful *a.* (סניער'-פול) שפאטיש.

sneer'ingly *adv.* (סניער'-אינג-לי) אבלאכענדיג; אבשפאטענדיג; אויף א שפאטישען אופן; מאכענדיג חוזק.

sneeze *v.* and *n.* (סניעז) ניסען; דאס ניסען; א נאס.

sneeze at (סניעז עט) פעראכטען, זיך בעציהען מיט פעראכטונג.

sneeze'-horn *n.* (סניעז'-האהרן) א שמעק־טאבאק פושקע וואס איז געמאכט פון א הארן.

snee'zer *n.* (סניע'-זער) איינער וואס ניסט; א שמעק־טאבאק פושקע.

sneeze'weed *n.* (סניעז'-הוויעד) די ניס־פלאנצע [אזא גיפטיגע פלאנצע וואס איהרע בלעטער און בלומען זיינען בעדעקט מיט אזא שטויב, פון וועלכען מען ניסט].

snee'zing *n.* (סניע'-זינג) דאס ניסען.

snee'zing-pow'der *n.* (סניע'-זינג-פאו'-דער) ניס־פולווער; שמעק־טאבאק.

snell *n.* and *v.* (סנעל) א שטיקעל קישקע אדער ים־גראז מיט וואס מען בינדט אן א האטשעק [אנגעל] צו א ווענטקע; צובינדען [א האטשעק] צו א שנירעל אדער צו א קישקע.

snick *n.* and *v.* (סניק) אין קריקעט־שפיעל — א זעהר לייכטער קלאפ אן באל, דאס ער ריהרט זיך קוים פון ארט; א קליינער שניט; א קניפעל פון א פאדים; שניידען, האקען.

snick and snee (סניק ענד סניע) א קאמפף מיט מעסערס; א מאטראזען־מעסער.

snick'-a-snee' *n.* (סניק'-ע-סניע') ז. *snick and snee*.

snick'er *v.* and *n.* (סניק'-ער) לאכען האלב־איינגעהאלטען; כיכיקען, נאריש לאכען; זאגען עטוואס מיט א האלב־איינגעהאלטענעם געלעכטער; א נארישער געלעכטער, א כיכיקעריי.

snick'ersnee *n.* (סניק'-ער-סניע) ז. *snick and snee*.

snide *a.* and *n.* (סנאיד) איבערגעשפיצט, שווינדלעריש, ליגנעריש, בעטריגעריש; פאלש; א שווינדלער, א בעטריגער; א שווינדעל, א בעטרוג.

sniff *v.* and *n.* (סניף) סאפען מיט דער נאז; אטעמען מיט דער נאז; שטארק ציהען מיט די נאז־לעכער; שמעקען; ציהען מיט די נאז־לעכער אלס א ציי־

כען פון פראַכטונג; א סאפען מיט דער נאָז; דאָס ציהען מיט די נאָז־לעכער; א שמעק מיט דער נאָז; א שמעק.

sniff about' (סניף ע־באַוט) אַרומניו־כען, אַרומשפּיאָנירען.

snif'fle *v. and n.* (סניפל) ז. *snuffle*.

sniff'y *a.* (סניפ'־אי) פערעכטליך, פול מיט פּראַכטונג.

snift *v. and n.* (סניפט) שטאַרק ציהען מיט די נאָז־לעכער, ציהען מיט דער נאָז; ציהען פערעכטליך מיט דער נאָז; אָבשנייצען [דעם קנויט פון א ליכט]; א לייכטער שנעע.

snif'ter *n.* (סניפ'־טער) א סאפען מיט דער נאָז; א שנעפּסעל; א שטאַרקער שטורם־ווינד, א זאַווערוכע.

snif'ters *n.* (סניפ'־טערז) א נאָז־פער־שטאָפּונג פון קאַטאַר.

snif'ting-valve *n.* (סניפ'־טינג־וועלוו) א שנאַר־ווענטיל, א שנאַר־קלאַפּע [א ווענ־טיל אָדער קלאַפּע אין א צילינדער פון א דאַמפּף־מאַשין אַרויסצולאָזען אָדער אַריי־צולאָזען לופט. ווערט אַזוי גערופען צו־ליעב דעם שנאַרענדען גערויש וואָס ער מאַכט].

snif'ty *a.* (סניפ'־טי) שמעקעדיג, וואָס האָט אַן אַנגענעהמען ריח.

snig *v. and n.* (סניג) האַקען, שניידען; בייסען; גריזשען; אַן אָאַל, א ווינגע [אַזא שלאַנגען־פערמיגער פיש].

snig'ger *v. and n.* (סניג'־ער) ז. *snicker*.

snig'gle *v. and n.* (סניגל) פישען ווינגעס [אָאַלען] דורך דעם וואָס מען וואַרפט אַריין די ווענטקע אין זייער בעהאַלטונגס־אָרט; כאַפּען א ווינגע [אָאַל] דורך אַריינוואַרפען די ווענטקע אין איהר בע־האַלטונגס־אָרט; כאַפּען, פאַנגען אין נעץ; א כיכיקעריי, א כאַרכעלדיגער געלעכטער.

snip *v. and n.* (סניפּ) אָב־שניידען; אָב־שערען; איינשניידען, איינשערען; אויס־שניידען, אויסשערען; גנב'ענען דורך אָב־שערען; א שניט, א שניט מיט א שער; אַן אָבגעשאַרענעס שטיקעל; א שניצעל; א קליין שטיקעל; א חלק, א טייל; א שניידער.

snipe *n. and v.* (סנאַיפּ) א שנעפּע [אַזא פייגעל מיט א לאַנגען גראַדען שנאָ־בעל און מיט לאַנגע פיס]; א שוטה, א דומער יונג; א האַלב־אָבגעריבענער צי־גאַר וואָס מען געפינט אין גאַס; א שאַר־פער ענטפער; געהן אויף יאַגד אויף שנעפּ־פען.

Snipe

snipe'-bill *n.* (סנאַיפּ'־ביל) א קאַרניז־הובעל, א געזימס־הובעל.

snipe'-eel *n.* (סנאַיפּ'־איעל) אַזא לאַנ־גער דינער פיש עהנליך צו אַן אָאַל [ווי־נע] מיט א לאַנגען שנאָבעל־עהנליכען מויל, וואָס געפינט זיך אין די טיפע ערטער פון ים.

snipe'-fish *n.* (סנאַיפּ'־פיש) דער שנעפּ־פען־פיש [אַזא ים־פיש מיט א לאַנגען שנאָ־בעל־פערמיגען מויל].

snip'per *n.* (סניפּ'־ער) אַן אויסשערער, אַן אויסשניידער; א שניידער.

snip'pers *n.* (סניפּ'־ערז) א שער.

snip'per-snap'per *n.* (סניפּ'־ער־סנעפּ'־ער) א קליין מענשעלע.

snip'pet *n.* (סניפּ'־עט) א שטיקעלע.

snip'petiness *n.* (סניפּ'־עט־אי־נעס) דאָס זיין זעהר קליין אָדער אונבעדייטענד; צוברעקעלטקייט, צופּיצעלטקייט.

snip'pety *a.* (סניפּ'־עט־אי) גאַנץ קליין, אונבעדייטענד; צוברעקעלט, צופּיצעלט.

snip'ping *n.* (סניפּ'־אינג) א שניצעל, א שטיקעל וואָס איז אָבגעשאַרען אָדער אָב־געשניטען.

snip'py *a.* (סניפּ'־אי) צו־פּיצעלט, צו־ברעקעלט; גייציג, קאַרג.

snips *n.* (סניפּס) אַזא קליינע שער צום שניידען בלעך.



Snips

snip'-snap *n.* (סניפּ'־סנעפּ) א שנעלער וואָרט־וועקסעל, א שאַרפער דיאַלאָג [צוויי־געשפּרעך] מיט גיכע ענטפערס.

sni'py *a.* (סנאַי'־פּי) עהנליך צו א שנעפּע, וואָס האָט א לאַנגע שפּיציגע נאָז וואָס איז עהנליך צו דעם שנאָבעל פון א שנעפּע. ז. *snipe*.

snirt *n.* (סנוירט) א פערשטיקטער גע־לעכטער.

snir'tle *v.* (סנוירטל) לאַכען מיט א פער־שטיקטען געלעכטער.

snite *v.* (סנאַיט) שנייצען [די נאָז]; אָבשנייצען א ליכט.

snithe *a.* (סנאַיטה) שניידענד [ווענען א ווינד].

snith'y *a.* (סניטה'־אי) ז. *snithe*.

sniv'el *n. and v.* (סניוול) שנאָרכעץ, סמאַרק [ליחה פון דער נאָז]; אַן אויס־געקוועטשטער געוויין, א געוויין מיט פאַל־שע טרעהרען; היפּאָקריטסטווע, צבוע'צ־סטווע; זופּען מיט דער נאָז; זיך פער־סמאַרקען; וויינען אָדער שרייען ווי א קינד; וויינען מיט געמאַכטע טרעהרען.

sniv'eler *n.* (סניוו'ל־ער) א סמאַרקאַטש, א וויינער, א שלוכצער; איינער וואָס האָט א שוואַכקייט צום וויינען; איינער וואָס מאַכט זיך וויינענדיג.

sniv'eling *a.* (סניוו'ל־אינג) סמאַרקאַטע, וואָס פערסמאַרקעט זיך; זופּענדיג מיט דער נאָז; גיסענדיג מיט טרעהרען ווי א קינד.

sniv'eller *n.* (סניוו'ל־ער) ז. *sniveler*.

sniv'elling *a.* (סניוו'ל־אינג) ז. *sniveling*.

sniv'elly *a.* (סניוו'ל־אי) רינענדיג פון דער נאָז, סמאַרקאַטע; שלוכצענד, וויי־נענד.

snob *n.* (סנאָב) א שוסטער; א שוסטער־געזעל; א פּיליסטער [א פּערזאָן וואָס בע־זוכט ניט קיין אוניווערזיטעט]; א סטרייק־ברעכער, א "סקעב", איינער וואָס אַרבייט פאַר א ביליגערען פּרייז ווי אַנדערע אַר־בייטער; א סנאָב, איינער וואָס מאַכט דעם אָנשטעל אָדער קאַרטשעט פון זיך אַז אַריס־טאָקראַט, א פּראַסטאַק וואָס טאַנצט נאָך דער העכערער געזעלשאַפט.

snob'bery *n.* (סנאָב'־ער־אי) דאָס מאַ־כען דעם אָנשטעל פון אַן אַריסטאָקראַט, דאָס קאַרטשען פון זיך אַן אַריסטאָקראַט, דאָס נאָכטאַנצען דער העכערער געזעל־שאַפט; די אויפפיהרונג פון פּראַסטאַקעס וואָס מאַכען זיך פאַר אַריסטאָקראַטען.

snob'bish *a.* (סנאָב'־איש) ווי א סנאָב, וואָס קאַרטשעט פון זיך אַן אַריסטאָקראַט, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אַריס־טאָקראַט; וואָס טאַנצט נאָך דער העכע־רער געזעלשאַפט.

snob'bishly *adv.* (סנאָב'־איש־לי) מעשה סנאָב, נאָכטאַנצענדיג דער העכע־רער געזעלשאַפט, קאַרטשענדיג פון זיך אַן אַריסטאָקראַט, מאַכענדיג דעם אָנשטעל פון אַן אַריסטאָקראַט.

snob'bishness *n.* (סנאָב'־איש־נעס) דער כאַראַקטער אָדער די אויפפיהרונג פון א סנאָב [א פּראַסטאַק וואָס קאַרטשעט פון זיך אַן אַריסטאָקראַט].

snob'bism *n.* (סנאָב'־איזם) סנאָביזם, די אויפפיהרונג פון א סנאָב. ז. *snobbishness*.

snob'by *a.* (סנאָב'־אי) ז. *snobbish*.

snob'ling *n.* (סנאָב'־לינג) א קליין מענ־שעלע וואָס מאַכט דעם אָנשטעל פון אַן אַריסטאָקראַט.

snoboc'racy *n.* (סנאָב־אָק'־רע־סי) סנאָבאָקראַטיע, די הערשאַפט פון פּראַס־טאַקעס וואָס שפּיעלען די ראָלע פון אַריס־טאָקראַטען.

snood *n. and v.* (סנוהד) א האָר־באַנד אָדער שטערען־באַנד וואָס יונגע מיידלעך טראָגען; א שנירעל פון זייד אָדער פון האָר מיט וועלכער מען בעפעסטיגט דעם האַטשעק [אַנגעל] פון א ווענטקע; פער־בינדען די האָר מיט א האָר־באַנד אָדער שטערען־באַנד; צובינדען דעם האַטשעק [אַנגעל] צו דער ווענטקע.

snoo'ded *a.* (סנוה'־דעד) וואָס טראָגט א האָר־באַנד אָדער שטערען־באַנד.

snook *v. and n.* (סנוהק) לויערען; אַזא פיש.

snoop *v. and n.* (סנוהפּ) אונטערקריכען ווי א גנב, קריכען בגנבה; איינער וואָס קריכט אונטער בגנבה; א קריכער.

snoo'per *n.* (סנוה'־פּער) איינער וואָס קריכט אונטער בגנבה; א קריכער.

snooze *v. and n.* (סנוהז) שלומערען, דרעמלען; א דרעמעל.

snoo'zer *n.* (סנוה'־זער) איינער וואָס דרעמעלט אָדער שלומערט.

snoo'zle *v.* (סנוהזל) צוטוליען.

snore *v. and n.* (סנאָור) כראָפּען אין שלאָף; דאָס כראָפּען; א כראָפּע.

snor'er *n.* (סנאָור'־ער) א כראָפּון, איי־נער וואָס כראָפּעט בשעת ער שלאָפט.

snort *v. and n.* (סנאָהרט) פּאַרסקען מיט דער נאָז; סאַפּען הויך מיט דער נאָז ווי א פערד; אויסברעכען אין א פערדי־שען געלעכטער, לאַכען ווי א פערד היר־זשעט; א פּאַרסקע מיט דער נאָז.

snor'ter *n.* (סנאָהר'־טער) איינער וואָס כראַפּעט הויך; איינער וואָס פּאַרסקעט הויך מיט דער נאָז; עטוואָס גוואַלדיגעס אָדער גרויסעס.

snor'ting *n.* (סנאָהר'־טינג) דאָס פּאַרס־קען; דאָס סאַפּען שטאַרק מיט דער נאָז.

snot *n. and v.* (סנאָט) שנאָרכעץ, סמאַרק, נאָז־ליחה; א סמאַרקאַטש; א געמיינער יונג; שנייצען די נאָז.

snot'ter *n.* (סנאָט'־ער) דער רויטער טייל

פון אן אינדיק'ס קאפ; אזא מאסט־שטריק אויף א שיף.

snot'tery *n.* (סנאט־ער־אי) שנאָרכעץ, סמאַרק, נאז־ליחה; שמוץ.

snot'tily *adv.* (סנאט־אי־לי) אויף א שמוציגען אופן; סמאַרקאטע, פערשנאָר־כעט.

snot'ty *a.* (סנאט־אי) סמאַרקאטע, פער־שנאָרכעט, פערשמאַרכעט; שמוציג; גע־מיין; שפאטיש.

snot'ty-nosed *a.* (סנאט־אי־נאוזד) מיט א פערשמאַרכעטער נאז; פערשמאַר־כעט, סמאַרקאטע.

snout *n. and v.* (סנאוט) א שנוק, א שנויץ; א גרויסע נאז; עטוואס וואס איז עהנליך צו א חזיר'שען שנוק; דער שנויץ אדער ענד פון א רעהר; בעזאָרגען מיט א שנויץ.

snout'-bee'tle *n.* (סנאוט־ביע'טל) ז. *curculio*

snou'ted *a.* (סנאו־טעד) מיט א שנוק, מיט א שנויץ.

snout'-ring *n.* (סנאוט־רינג) א רינג וואס ווערט דורכגעצויגען דורך דעם שנוק פון א חזיר, אז ער זאל ניט ריהרען די ערד.

snou'ty *a.* (סנאו־טי) עהנליך צו א שנוק אדער צו א שנויץ; שנויץ־פערמיג; מיט א לאנגער נאז.

snow *n. and v.* (סנאו) שנעע; א שנעע־שטורם; א שנעע־פאל; א ווינטער; א שנאו־שיף [אזא צוויי־מאסטיגע שיף]; עטוואס וואס איז עהנליך צו שנעע; שנעען; בעשנעען, פערשנעען.

Snow

snow'-ap'ple *n.* (סנאו־עפ'ל) א שנעע־עפעל [אזא עפעל וואס איז אינווענינג זעהר ווייס].

snow'ball *n. and v.* (סנאו־באהל) א שנעע־קויל, א שנעע־באל, א סנעזשקע; די שנעע־באל פלאנצע, די שנעע־רויז [אזא פלאנצע מיט גרויסע ווייסע רונדע בלי־הונגען עהנליך צו א שנעע־באל]; א פו־רינג געמאכט פון רייז וואס איז געוויקעלט אין מילך; בעווארפען מיט שנעע־קוילען; ווארפען שנעע־קוילען.

snow'ball-tree *n.* (סנאו־באהל־טריע) די שנעע־באל פלאנצע ז. *snowball*

snow'berry *n.* (סנאו־בער־אי) דאס שנעע־יאגדע בוימעל [אזא בוימעל אויף וועלכען עס וואקסען שנעע־ווייסע יאגדעס, וועלכע ווערען רייף אין הערבסט]; די שנעע־יאגדע.

snow'bird *n.* (סנאו־בוירד) א שנעע־פויגעל [א פויגעל וואס לעבט אין די קאלטע געגענדען]:

snow'-blind *a.* (סנאו־בלאינד) שנעע־בלינד. ז. *snow-blindness*

snow'-blind'ness *n.* (סנאו־בלאינד־נעס) שנעע־בלינדקייט [אן אויגען־קראנק־הייט וואס בעשטעהט אין דעם, דאס מען קען ניט קוקען אויף שנעע].

snow'-blink *n.* (סנאו־בלינק) דער אב־גלאנץ פון שנעע־פעלדער אדער אייז־שטרע־קען.

snow'-boot *n* (סנאו־בוהט) א שנעע־שוך, א שנעע־שטיוועל [צום בעשיצען די פיס פון דער פייכטקייט פון שנעע].

snow'-bound *a.* (סנאו־באונד) איינגע־שנעעט, פערשאטען מיט שנעע.

snow'break *n.* (סנאו־ברייק) דאס שמעלצען פון שנעע.

snow'-broth *n.* (סנאו־בראהטה) שנעע־וואסער, געשמאלצענער שנעע; אן אייז־קאלטער געטראנק.

snow'-bun'ting *n.* (סנאו־באנ־טינג) דער שנעע־אמער, דער שנעע־פויגעל [אזא פויגעל וואס געפינט זיך אין די קאלטע געגענדען].



Snow-bunting

snow'bush *n.* (סנאו־בוש) דאס שנעע־בוימעל [א בוימעל אויף וועלכען עס וואקסען שנעע־ווייסע בלומען].

snow'cap *n.* (סנאו־קעפ) דער שנעע־קאפ [אזא פויגעלע מיט א שנעע־ווייסען קאפ].

snow'-capped *a.* (סנאו־קעפט) בע־דעקט מיט שנעע.

snow'-drift *n.* (סנאו־דריפט) א שנעע־זאווערוכע, שנעע וואס ווערט געטריבען פון ווינד; א בארג פון אנגעטריבענעם שנעע.

snow'drop *n.* (סנאו־דראפ) דאס שנעע־גלעקעל [אזא וואלד־בלימעל וואס וואקסט ארום אין אנפאנג פריהלינג].



Snowdrop

snow'-ea'ter *n.* (סנאו־איע־טער) א טרוקענער ווארע־מער וועסט־ווינד וואס פערניכטעט שנעל דעם שנעע.

snow'-eyes *n.* (סנאו־איז) שנעע־ברי־לען [אזעלכע ברילען פון גאנץ לייכטען האלץ מיט א קליינעם שפאלט פאר די אויגען וואס די עסקימאסען טראגען זיך צו שיצען פון שנעע־בלינדקייט].

snow'fall *n.* (סנאו־פאהל) א שנעעפאל; די מאסע שנעע וואס ווערט אנגעשנעעט אין א בעשטימטער צייט.

snow'-fed *a.* (סנאו־פעד) געגעהרט פון געשמאלצענעם שנעע, פול מיט צו־שמאלצענעם שנעע [וועגען טייכען].

snow'-field *n.* (סנאו־פיעלד) א שנעע־פעלד [א שטיק לאנד וואס איז בעדעקט מיט א בעשטענדיגען שנעע, ווי אין די געגענדען פון נארד־פאל].

snow'-finch *n.* (סנאו־פינטש) א שנעע־פינק [אזא פויגעל וואס געפינט זיך אין קאלטע געגענדען].

snow'flake *n.* (סנאו־פלייק) א שנעע־פלאק, א שנעעלע.

snow'-flood *n.* (סנאו־פלאד) א פער־פלייצונג פון געשמאלצענעם שנעע.

snow'flower *n.* (סנאו־פלאו־ער) ז. *snowdrop*

snow'fowl *n.* (סנאו־פאול) ז. *snow-bunting*

snow'-gog'gle *n.* (סנאו־גאג'ל) ז. *snow-eyes*

snow'-goose *n.* (סנאו־גוהס) א שנעע־גאנז [אזא זארט ווייסע גאנז].

snow'-grouse *n.* (סנאו־גראוס) ז. *ptarmigan*

snow'-hut *n.* (סנאו־האט) א שנעע־ביידעל [א רונדעס ביידעל אויסגעבויט פון פלאכטעס שנעע, ווי ביי די עסקימא־סען].

Snow-huts

snow'-ice *n.* (סנאו־איס) שנעע־אייז [שנעע וואס איז פערוואנדעלט געווארען אין אייז].

snow'ily *adv.* (סנאו־אי־לי) מיט שנעע, אזוי ווי שנעע.

snow'iness *n.* (סנאו־אי־נעס) שנעע־ווייסקייט; שנעעאיגקייט.

snow'ish *a.* (סנאו־איש) שנעעאיג, שנעע־ווייס, עהנליך צו שנעע.

snow'-leop'ard *n.* (סנאו־לעפ־ארד) דער שנעע־לעמפערט, די אונצע [אזא לעמפערט]. ז. *ounce*

snow'less *a.* (סנאו־לעס) אהן שנעע, שנעעלאז.

snow'-light *n.* (סנאו־לאיט) ז. *snow-blink*

snow'like *a.* (סנאו־לאיק) עהנליך צו שנעע, ווייס ווי שנעע.

snow'-line *n.* (סנאו־לאין) די שנעע־ליניע אדער די שנעע־גרענעץ פון א בארג וואס איז אימער בעדעקט מיט שנעע.

snow'-plow *n.* (סנאו־פלאו) א מאשין וואס רייניגט אב דעם שנעע פון גאסען, פון אייזענבאהן־רעלסען א. ד. ג.

snow'-shoe *n. and v.* (סנאו־שוה) א שנעע־שוך [אזא ברייטער פלאכער היל־צערנער שוך וואס ווערט בענוצט צו געהן אין ערטער וואו דער שנעע איז טיעף, כדי די פיס זאלען ניט זינקען]; געהן מיט שנעע־שיך.

snow'-sho'er *n.* (סנאו־שוה־ער) א איי־נער וואס געהט מיט שנעע־שיך.

snow'-shov'el *n.* (סנאו־שאוו'ל) א שנעע־לאפעטע, א שנעע־רידעל [צום שא־רען שנעע].

snow'-skate *n.* (סנאו־סקייט) א שנעע־שלים־שוה [זיך צו גליטשען איבער גע־פרארענעם שנעע].

snow'-slide *n.* (סנאו־סלאיד) א שנעע־מאסע וואס גליטשט זיך אראב פון א דאך אדער פון א בארג.

snow'-slip *n.* (סנאו־סליפ) ז. *snow-slide*

snow'-storm *n.* (סנאו־סטאהרם) א שנעע־שטורם, א שנעע־זאווערוכע.

snow'-swee'per *n.* (סנאו־סוויע־פער) אן אפאראט צום קעהרען שנעע.

snow'-track *n.* (סנאו־טרעק) אן אויס־געטרעטענע שפור פון פיס אין שנעע; אן אויסגעטרעטענער וועג אין שנעע.

snow'-wa'ter *n.* (סנאו־הוואה־טער) שנעע־וואסער, געשמאלצענער שנעע.

snow'-white *a.* (סנאו'-הוואיט) שנעע=ווייס, ווייס ווי שנעע.

snow'y *a.* (סנאו'-אי) פול מיט שנעע, בעדעקט מיט שנעע; ווייס ווי שנעע, שנעע=ווייס, ריין, ניט בעפלעקט.

snub *v., n. and a.* (סנאב) אבשטעלען, אבהאלטען, איינהאלטען, פערהאלטען; קורץ און שארף אב'פטר'ען; אבזידלען; גראב צוריקווייזען, שארף אדער סארקאסטיש אבענטפערען; א סוק אין האלץ; א קורנאסע נאז, א ברייטע ארויפגעריסענע נאז; א גראבע צוריקווייזונג, א קורצע אב'פטר'ונג, א שארפע אדער גראבע אבענטפערונג; א פלעצליכע איינהאלטונג פון א לויפענדען שטריק אדער קייט; א סלופ ביי א טייך צוצובינדען א שיף אדער פליט; קורנאסע, ברייט און אויפגעריסען [וועגען א נאז].

snub'ber *n.* (סנאב'-ער) א פארריכטונג צו פערהאלטען א שיפס=שטריק.

snub'bing-post *n.* (סנאב'-אינג-פאוסט) א סלופ צוצובינדען א פערד, א שיף א. ז. וו.

snub'bish *a.* (סנאב'-איש) צוריקהאלטענד, פערהאלטענד, אונטערדריקענד.

snub'by *a.* (סנאב'-אי) שטומפיג, קורץ אדער פלאך.

snub'-nosed *a.* (סנאב'-נאוזד) קורנאסע, וואס האט א קורצע, פלאכע און ארויפגעריסענע נאז.

snub'-post *n.* (סנאב'-פאוסט) ז. *snubbing-post*.

snuff *v. and n.* (סנאף) שמעקען; אטעמען מיט דער נאז; אריינציהען מיט דער נאז; בעשמעקען; שפירען מיט דער נאז; ציהען מיט דער נאז [אלס א צייכען פון אויפרעגונג אדער פעראכטונג]; אבשנייצען א ליכט; א שמעק, א ציה מיט דער נאז; שמעק=טאבאק; שמעק=פולווער; ערגער, פערדרוס, אויפרעגונג אדער צארן וואס ווערט אויסגעדריקט דורך א ציהען מיט דער נאז; דער אבגעברענטער קנויט אדער שנויץ פון א ליכט אדער פון א לאמפ.

snuff'-box *n.* (סנאפ'-באקס) א טאבאקערקע, א טאבאק=פושקע.

snuff'-col'or *n.* (סנאפ'-קאל'-אר) א געלב=ברוינער קאליר [ווי פון שמעק=טאבאק].

snuff'-dip'ping *n.* (סנאפ'-דיפ'-אינג) דאס רייבען די צייהן און די יאסלעס מיט שמעק=טאבאק [ווי עס ווערט געטהאן פון פרויען אין די זידליכע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

snuff'-dish *n.* (סנאפ'-דיש) אזא טעלער צו האלטען שמעק=טאבאק; א כלי, אין וועלכער מען ווארפט אריין די אבגעברענטע קנויטען פון לאמפען אדער פון ליכט; אזא כלי אין וועלכער מען האלט ליכט=אבשנייצער.

snuff'er *n.* (סנאפ'-ער) א שמעקער; א טאבאק=שמעקער; א ים=חזיר, א הערינג=שווין [ז. *porpoise*].

snuff'ers *n.* (סנאפ'-ערז) א ליכט=אבשנייצער [אזא צווייגנגל אבצושנייצען ליכט].

snuff'er-tray *n.* (סנאפ'-ער-טריי) אזא קעסטעלע אדער כלי צו האלטען ליכט=אבשנייצערס.

snuff'iness *n.* (סנאפ'-אי-נעס) דאס אויסזעהן ווי שמעק=טאבאק; דער ריח פון שמעק=טאבאק; דאס בעליידיגט זיין; פערדריסליכקייט, ערגערניס.

snuf'fle *v. and n.* (סנאפל) שנויפלען, ריידען אונטער דער נאז; ציהען דעם אטעם דורך א פערשטאפטער נאז; בעלייידיגען; דאס שנויפלען, דאס ריידען אונטער דער נאז; דאס ציהען דעם אטעם דורך א פערשטאפטער נאז.

snuf'fler *n.* (סנאפ'-לער) א שנויפלער, איינער וואס רעדט אונטער דער נאז; א כלומר'שדיגער פרומאק.

snuf'fles *n.* (סנאפלז) פערשטאפטקייט פון דער נאז [שווערקייט ארויסצושנייצען די ליחה].

snuf'flingly *adv.* (סנאפ'-לינג-לי) שנויפלענדיג, ריידענדיג אונטער דער נאז; מעשה כלומר'שדיגער פרומאק; היפאקריטיש, מעשה צבוע'ק.

snuff'man *n.* (סנאפ'-מען) א שמעק=טאבאק פערקויפער.

snuff'-mill *n.* (סנאפ'-מיל) א שמעק=טאבאק פאבריק, א מאשין צו מאהלען שמעק=טאבאק.

snuff out (סנאף אוט) אויסלעשען; מאכען פלעצליך א סוף.

The automobile ran over the child and snuffed out its life.

snuff'-ta'ker *n.* (סנאפ'-טיי'-קער) א טאבאק=שמעקער.

snuff'-ta'king *n.* (סנאפ'-טיי'-קינג) דאס שמעקען טאבאק.

snuff'y *a.* (סנאפ'-אי) ווי שמעק=טאבאק, וואס האט דעם ריח אדער דעם קאליר פון שמעק=טאבאק; פערפלעקט מיט שמעק=טאבאק; ערגערליך, פערדריסליך.

snug *a., adv., n. and v.* (סנאג) צוגעטוליעט; בעקוועם; וואס ליעגט בעקוועם צום לייב [ניט גאר לויז און ניט גאר פעסט]; אנגענעהם און געמיטליך; בעהאלטען און פערבארגען; וואס איז אין געהיים; אן ארויסשטארצונג אין א מאשין וואס פערהאלט וועלכען עס איז מאשינען=טייל פון בעוועגונג; זיך צוטוליען; ליעגען צוגעטוליעט, ליעגען בעקוועם; אבגרייבען אדער מאכען גלאט; אוועקלעגען אין א בעקוועמער לאגע; צוטוליען, צודריקען.

snug'ger *n.* (סנאג'-ער) א פארריכטונג צו מאכען אז פאדים זאלען זיין גלאט און איבעראל גלייך דיק.

snug'gery *n.* (סנאג'-ער-אי) אן אנגענעהמער, געמיטליכער און בעקוועמער ארט אדער צימער.

snug'gle *v.* (סנאגל) זיך צוטוליען; צוטוליען.

snug'ly *adv.* (סנאג'-לי) צוגעטוליעט; בעקוועם.

snug up (סנאג אפ) צוטוליען; מאכען בעקוועם; ברייגגען אין ארדנונג.

so *adv, c. and int.* (סאו) 1. אזוי, אט אזוי; אויף דיעזען אופן, אויף אזא שטייגער; 2. אלזא, בכן; 3. כדי; אבי; אויב; 4. אט אזוי! שטעה! האלט!

1. What he says is sure to be **so**. 2. I am content, **so** you are satisfied.

soak *v. and n.* (סאוק) נעצען, איינווייקען; איינזאפען, איינזויגען, איינציהען [א פליסיגקייט]; טרינקען, שכור'ען; פער'משכונ'ען; דורכנעצען; דורכגענעצט ווערען; פייכט ווערען; די איינווייקונג, די נעצונג; דאס, אין וואס עפעס ווערט גענעצט אדער איינגעווייקט; דאס טרינקען, א הוליאנקע, א טרינק=נעזעלשאפט; עפעס וואס זויגט אין זיך איין.

soa'kage *n.* (סאו'-קעדזש) דאס איינזאפען; דאס וואס זויגט איין אדער זאפט איין; די מאסע פון פליסיגקייט וואס ווערט איינגעזאפט.

soaked through (סאוקט טהרוה) דורכגענעצט.

soa'ker *n.* (סאו'-קער) אן איינווייקער, א דורכווייקער, א דורכנעצער; א שוועכער, א זויפער, א שיכור.

soa'king *n.* (סאו'-קינג) דאס איינגנעצען, דאס דורכנעצען; זויפעריי, שכרות.

soa'kingly *adv.* (סאו'-קינג-לי) איינזאפענדיג, דורכנעצענדיג; ביסלעכווייז, שטופענווייז.

so'-and-so *n.* (סאו'-ענד-סאו) 1. דער און דער, אזוינער און אזוינער; 2. דאס און דאס.

2. Was he wrong in doing **so-and-so**?

soap *n. and v.* (סאופ) זייף; גלאטע רייד, חניפה; אין פאליטישען זשארגאן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — געלד וואס ווערט אין געהיים געברויכט פאר פאליטישע צוועקען; זייפען, אנזייפען; ארויסטרעטען מיט גלאטע רייד, חנפ'ענען.

soap'-ash'es *n.* (סאופ'-עש'-עז) זייף=אש [אש וואס ענטהאלט לויג אדער פאטאש און ווערט בענוצט אין מאכען זייף].

soap'-balls *n.* (סאופ'-באהלז) רונדע שטיקלעך זייף; טואלעט=זייף.

soap'berry *n.* (סאופ'-בער-אי) די זייף=יאגדע, די פרוכט פון זייף=בוים [א דרום=אמעריקאנישער בוים, וועמעס פרוכט ענטהאלט אין זיך סאפאאין אדער זייף=שטאף און דיענט ביי די ארטיגע איינוואהנער אלס זייף]; דער זייף=בוים.

soap'-boi'ler *n.* (סאופ'-באי'-לער) א זייפען=מאכער; א קעסעל וואו עס קאכט זיך זייף.

soap'-boi'ling *n.* (סאופ'-באי'-לינג) דאס קאכען זייף.

soap'-bub'ble *n.* (סאופ'-באב'ל) א זייפען=בלאז.

soap'-ce'rate *n.* (סאופ'-סיע'-רייט) א זאלב וואס בעשטעהט פון זייף=פלאסטער, פון וואקס און פון בוימאויל.

soap'-earth *n.* (סאופ'-אוירטה) ז. *soapstone*.

soa'per *n.* (סאו'-פער) א זייף=מאכער; א זייף=הענדלער.

soap'-house *n.* (סאופ'-האוס) א זייף=פאבריק.

soap'less *a.* (סאופ'-לעס) אהן זייף; ניט געוואשען.

soap'-lin'iment *n.* (סאופ'-לינ'-אי-מענט) א שיטערע זאלב פון זייף, קאנפער, אויל, אלקאהאל און וואסער.

soap'-lock *n.* (סאופ'-לאק) א לאקען האר, וואס ווערט אנגעזייפט צו ליעגען גלאט אז א זייט פון קאפ.

soap'-ma'ker *n.* (סאופ'-מיי'-קער) א זייף=מאכער, א פאבריקאנט פון זייף.

soap'-ma'king *n.* (סאופ'-מיי'-קינג) די פאבריקאציאן פון זייף.

soap'-mill *n.* (סאופ'-מיל) א מאשין צו מאהלען אויסגעטריקענטע זייף און מאכען זייף=פולווער.

soap'nut *n.* (סאופ'-נאט) ז. *soapberry*.

soap'-pan *n.* (סאופ'-פען) אין די זייף=פאבריקען — אזא פאן אדער קעסעל, וואו עס קאכט זיך די זייף.

soap'-pow'der *n.* (סאופ'-פאו'-דער) זייף=פולווער.

soap'stone *n.* (סאופ'-סטאון) דער זייף=שטיין [א מין ווייכער שטיין].

soap'-suds' *n.* (סאופ'-סאדז') זייף=מוליענעס.

soap'-trade *n.* (סאופ'-טרייד) דער זייף=האנדעל.

soap'-tree *n.* (סאופ'-טריע) דער זייף=בוים. ז. *soapberry*.

soap'-works *n.* (סאופ'-הוואירקס) א זייף-פאבריק.

soap'wort *n.* (סאופ'-הוואירט) זייף-גראז [אזא גראז מיט העל-רויטע בליהונגען. ווען דער ווארצעל קאכט זיך אין וואסער, בעקומט זיך א מין זייף-וואסער, וואס טויג צו וואשען וועש].

Soapwort

soa'py *a.* (סאו'-פי) זייפיג; ווי זייף; בעשמירט מיט זייף; וואס איז כאראקטעריסטיש פאר זייף; וואס איז שייך צו זייף; מיט גלאטע רייד, שמייכלעריש, חניפה'דיג.

soar *v.* and *n.* (סאור) שוועבען אין דער לופט, ארויפפליהען, ארויפשוועבען; זיך דערהויבען; ארויפשטייגען אויף א הויכער מדרגה; א הויכער פליה, דאס שוועבען אין דער לופט.

soar'ingly *adv.* (סאור'-אינג-לי) ארויפפליהענדיג; שוועבענדיג.

so as (סאו עז) אזוי אז...

sob *v.* and *n.* (סאב) כליפען, שלוכצען, וויינען כליפענדיג; א כליפען; א שלוכץ.

sob'bing *n.* (סאב'-אינג) דאס כליפען, דאס שלוכצען, דאס וויינען [כליפענדיג].

sobe'it *c.* (סאו-בי'-איט) אבי, ווען נאר.

so'ber *a.* and *v.* (סאו'-בער) ניכטער; מעסיג, איינגעהאלטען; בעזאנען; קאלטבלוטיג; ערנסטהאפט; רוהיג, געלאסען; איינפאך, בעשיידען; מאט, טונקעל, ניט גלענצענד [וועגען פארבען]; מאכען ניכטער, אויסניכטערען; מאכען ערנסט, ברייניגען צום פערשטאנד; זיך אויסניכטערען; ווערען ניכטער; ווערען ערנסט, קומען צום פערשטאנד.

so'ber-blood'ed *a.* (סאו'-בער-בלאד'-עד) קאלטבלוטיג, רוהיג, קאלט, געלאסען.

so'ber down (סאו'-בער דאון) ניכטער מאכען; אויסניכטערען; זיך אויסניכטערען, ניכטער ווערען.

so'berize *v.* (סאו'-בער-איז) אויסניכטערען; ניכטער מאכען; ניכטער ווערען.

so'berly *adv.* (סאו'-בער-לי) אויף א ניכטערען, מעסיגען, איינגעהאלטענעם אדער בעזאנענעם שטייגער.

so'ber-min'ded *a.* (סאו'-בער-מאינ'-דעד) בעזאנען, רוהיג, געלאסען.

so'ber-min'dedness *n.* (סאו'-בער-מאינ'-דעד-נעס) בעזאנענהייט, רוהיגקייט, געלאסענקייט.

so'berness *n.* (סאו'-בער-נעס) ז. *sobriety*.

so'bersides *n.* (סאו'-בער-סאידז) א געזעצטער, ערנסטער מענש [הומאריסטיש].

so'ber-sui'ted *a.* (סאו'-בער-סיו'-טעד) שווארץ געקליידעט, איינגעהילט אין שווארצע בגדים.

so'ber truth (סאו'-בער טרוהטה) דער פשוט'ער אמת.

so'bol *n.* (סאו'-באל) א סויבעל [ז. *sable*]; אין באטאניק — אן ארויסשפראצונג פון ווארצעל.

so'bole *n.* (סאו'-באול) ז. *soboles*.

sob'oles *n.* (סאב'-א-ליז) אין באטאניק — אן ארויסשפראצונג פון ווארצעל.

sobolif'erous *a.* (סאב-א-ליפ'-ע-ראס) אין באטאניק — וואס גיט ארויס יונגע ארויסשפראצונגען פון ווארצעל.

Sobran'je *n.* (סא-בראנ'-יע) די סאבראניע, דער בולגארישער פארלאמענט.

sobri'ety *n.* (סא-בראי'-ע-טי) ניכטערקייט; מעסיגקייט, איינגעהאלטענקייט; רוהיגקייט, געלאסענקייט; ערנסטהאפטיגקייט; בעשיידענהייט.

sobriquet' *n.* (סאו-ברי-קיי') א ביינאמען, א צונעמעניש.

soc *n.* (סאק) ז. *soke*.

soc'age *n.* (סאק'-עדזש) די האלטונג פון לאנד אדער פון א פאכט פאר געוויסע דיענסטע צום פריץ.

soc'ager *n.* (סאק'-עדזש-ער) איינער וואס איז פערבונדען צו דיענען דעם פריץ פאר די האלטונג פון לאנד אדער פון א פאכט.

so'-called *a.* (סאו'-קאהלד) זאגענאנט, אזוי גערופען.

soc'cage *n.* (סאק'-עדזש) ז. *socage*.

soc'cager *n.* (סאק'-עדזש-ער) ז. *socager*.

soc'cer *n.* (סאק'-ער) אן ארט שפיעלען אין פוס-באל.

sociabil'ity *n.* (סאו-שיע-ביל'-אי-טי) געזעליגקייט, דאס זיין גענייגט צו געזעלשאפט.

so'ciable *a.* and *n.* (סאו'-שיעבל) געזעליג, וואס האט ליעב צו זיין אין געזעלשאפט; אנגענעהם אין געזעלשאפט; מיט וועלכען מען קען זיין חבר; אפען, אהן צערעמאניעס; וואס קען פאראייניגט ווערען; א מין אפענע פיער-זיציגע קארעטע; א קליינע געזעליגע פערזאמלונג; א דריירעדערדיגער וועלאסיפעד מיט צוויי זיצע; א סאפא אדער שטוהל אין דער פארם פון א S מיט צוויי זיצע.

so'ciableness *n.* (סאו'-שיעבל-נעס) ז. *sociability*.

so'ciably *adv.* (סאו'-שיע-בלי) אויף א געזעליגען שטייגער; פאמיליאר, אהן צערעמאניעס.

so'cial *a.* (סאו'-שעל) געזעלשאפטליך, סאציאל; געזעליג; וואס איז שייך צו געזעלשאפט.

so'cial democ'racy (סאו'-שעל די-מאק'-רע-סי) די סאציאל-דעמאקראטיע, די פרינציפען און שטרעבונגען פון די סאציאל-דעמאקראטען. ז. *Social Democrat*.

So'cial Dem'ocrat (סאו'-שעל דעמ'-א-קרעט) א סאציאל-דעמאקראט, א מיטגליעד פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי [א סאציאליסטישע פארטיי, וועלכע שטרעבט איבערצובויען די געזעלשאפט אזוי, אז דאס פריוואט-אייגענטום אויף די פראדוקציאנס-מיטלען, ווי לאנד, פאבריקען, אייזענבאהנען א. ז. וו., זאל אבגעשאפט ווערען און די גאנצע פראדוקציאן און פערטיילונג זאל רעגולירט און פערוואלטעט ווערען דורך'ן פאלק אויף דעמאקראטישע יסודות. אויסער דיעזען הויפט-ציעל שטעלט ארויס די סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי א רייה פאדערונגען, וועלכע דיענען צו פערבעסערען די לאגע פון ארבייטער-קלאס אין איצטיגער צייט, ווי די פערקירצונג פון ארבייטס-טאג, די אבשאפונג פון קינדער-ארבייט, אבשאפונג פון מיליטער-דיענסט, פאלשטענדיגע פאליטישע פרייהייט א. ז. וו. די ערשטע סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי האט זיך געגרינדעט אין דייטשלאנד אין יאהר 1869, און איצט עקזיסטירען אזעלכע פארטייען כמעט אין אלע ציוויליזירטע לענדער].

so'cial-democrat'ic *a.* (סאו'-שעל-דעמ-א-קרעט'-איק) סאציאל-דעמאקראטיש, וואס איז שייך צו די סאציאל-דעמאקראטען. ז. *Social Democrat*.

so'cial dynam'ics (סאו'-שעל דאי-נעמ'-איקס) סאציאלע דינאמיק, דער טייל פון סאציאלאגיע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט די בעדינגונגען וואס פעראורזאכען דעם וואוקס און די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

so'cial e'vil (the) (סאו'-שעל איוול) די געזעלשאפטליכע פלאג, געשלעכטליכע אונמאראליטעט, פראסטיטוציאן.

socialisa'tion *n.* (סאו-שעל-אי-זיי'-שאן) ז. *socialization*.

so'cialise *v.* (סאו'-שעל-איז) ז. *socialize*.

so'cialism *n.* (סאו'-שעל-איזם) סאציאליזם, די לעהרע וועגען דער נויטווענדיגקייט און מעגליכקייט איבערצובויען די יעצטיגע געזעלשאפטליכע ארדנונג אזוי, אז אלע פראדוקציאנס-מיטלען, ווי לאנד, פאבריקען, אייזענבאהנען א. ז. וו., זאלען ניט בעלאנגען צו איינצעלנע פערזאנען אלס זייער פריוואט-אייגענטום, נאר צו דער גאנצער געזעלשאפט, צום שטאאט און צו די געמיינדען.

so'cialism of the chair (סאו'-שעל-איזם אוו טהי טשעהר) קאטעדער-סאציאליזם, א ריכטונג אין דער פאליטישער עקאנאמיע פון דייטשלאנד און אנדערע לענדער, וועלכע פאדערט, אז דער שטאאט און די געזעצגעבונג דארפען זיך אריינמישען אין די עקאנאמישע בעציהונגען און בעזונדערס אין די בעציהונגען צווישען ארבייט און קאפיטאל.

so'cialist *n.* and *a.* (סאו'-שעל-איסט) א סאציאליסט, אן אנהענגער פון די סאציאליסטישע לעהרען און שטרעבונגען [ז. *socialism*]; סאציאליסטיש, וואס איז שייך צו סאציאליזם אדער צו די סאציאליסטען.

socialis'tic *a.* (סאו-שע-ליס'-טיק) סאציאליסטיש, וואס געהערט צום סאציאליזמוס. ז. *socialism*.

socialis'tically *adv.* (סאו-שע-ליס'-טי-קעל-אי) אויף א סאציאליסטישען שטייגער; לויט די פרינציפען פון סאציאליזם.

So'cialist La'bor par'ty (סאו'-שעל-איסט ליי'-באר פאר'-טי) די סאציאליסטישע ארבייטער-פארטיי [א סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי פון די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. געגרינדעט אין יאהר 1877].

social'ity *n.* (סאו-שי-על'-אי-טי) געזעליגקייט, געזעלשאפטליכקייט.

socializa'tion *n.* (סאו-שעל-אי-זיי'-שאן) סאציאליזירונג, פערגעזעלשאפטליכונג; דאס גרינדען עפעס אויף א סאציאליסטישען באזיס.

so'cialize *v.* (סאו'-שעל-איז) סאציאליזירען, פערגעזעלשאפטליכען; גרינדען אדער רעגולירען עפעס לויט די פרינציפען פון סאציאליזם.

so'cially *adv.* (סאו'-שעל-אי) אויף א

געזעליגען אדער געזעלשאפטליכען שטייגער.

so'cialness *n.* (סאו'-שעל-נעס) געזעליגקייט; געזעלשאפטליכקייט.

so'cial sci'ence (סאו'-שעל סאי'-ענס) סאציאלע וויסענשאפט, די וויסענשאפט, וועלכע פערנעהמט זיך מיט פראגען, וואס זיינען שייך צום געזעלשאפטליכען לעבען פון מענשען [ווי די פראגען פון ארבייט און קאפיטאל, פון פערברעכענס און שטראף, פון פאלקס=בילדונג א. ז. וו.].

so'cial set'tlement (סאו'-שעל סעט'ל-מענט) א הויז אין אן ארימען קווארטאל פון א גרויסער שטאדט, וואו עס בעזעצען זיך געבילדעטע מענשען און סטארען זיך דורך ביישפיעל און שטיצע מיטצוהעלפען דער אויסבעסערונג פון דער לאגע פון דער ארימער בעפעלקערונג

so'cial stat'ics (סאו'-שעל סטעט'-איקס) סאציאלע סטאטיק, דער טייל פון סאציאלאגיע וועלכער פערנעהמט זיך מיט די פראגען פון געזעלשאפטליכען געבוי און ארדנונג.

so'cial war (סאו'-שעל הוואהר) אין דער רוימישער געשיכטע — דער קריעג וואס די פראווינצען פון דער רוימישער מלוכה האבען אנגעפיהרט געגען דער מעטראפאליע [איטאליען] פאר אנערקענען די איינוואהנער פון די פראווינצען אלס גלייכבערעכטיגטע רוימישע בירגער [אין די יאהרען 90—88 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג].

so'cial wor'ker (סאו'-שעל הוואיר'-קער) איינער וואס ארבייט פאר דער גייסטיגער און עקאנאמישער דערהויבונג פון די ארימע קלאסען.

societa'rian *a.* (סא-סאי-ע-טיי'-רי-ען) געזעלשאפטליך; וואס איז שייך צו א געזעלשאפט.

soci'ety *n.* (סא-סאי'-ע-טי) א געזעלשאפט; די מענשליכע געזעלשאפט, די וועלט; די "הויכע" [אריסטאקראטישע] געזעלשאפט.

soci'ety jour'nal (סא-סאי'-ע-טי דזשויר'-נעל) א זשורנאל פאר דער אריסטאקראטישער וועלט.

Soci'ety of Friends (סא-סאי'-ע-טי אוו פרענדז) די קוויקער=סעקטע, די קוויקערס. ז. ***Quaker***.

soci'ety verse (סא-סאי'-ע-טי ווארס) לייכטע מאדע=פאעזיע.

Socin'ian *a. and n.* (סא-סינ'-אי-ען) וואס איז שייך צו סאצינוס אדער צו זיינע רעליגיעזע לעהרען; א נאכפאלגער פון סאצינוס און זיינע לעהרען. ז. ***Socinianism***.

Socin'ianism *n.* (סא-סינ'-אי-ען-איזם) סאציניאניזם, די רעליגיעזע לעהרען פון לעליוס און פאוסטוס סאצינוס [איטאליענישע טעאלאגען פון 16טען יאהרהונדערט]. ביידע האבען געהאלטען, אז דער רעליגיעזער גלויבען קען זיך בויען נור אויף'ן שכל און דעריבער האבען זיי אבגעלייקענט די געטליכקייט פון יעזוס קריסטוס, די קריסטליכע דאגמע וועגען דער דריי=איינינגקייט, די קאטוילישע לעהרען וועגען דער זינדינקייט פון דער מענשליכער נאטור, וועגען פרעדעסטינאציאן [ז. ***predestination***] א. ז. וו.

Socin'ianize *v.* (סא-סינ'-אי-ען-איז) מאכען סאציניאניש, דורכדרינגען מיט די לעהרען און פרינציפען פון סאציניאניזם. ז. ***Socinianism***.

so'cio-econom'ic *a.* (סאו'-שי-או-אי-קא-נאמ'-איק) סאציאל-עקאנאמיש: וואס ענטהאלט אין זיך סאציאלע און עקאנאמישע עלעמענטען.

sociog'eny *n.* (סאו-שי-ארזש'-ע-ני) סאציאגעניע, די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון געזעלשאפט.

sociolog'ic *a.* (סאו-שי-א-לארזש'-איק) ז. ***sociological***.

sociolog'ical *a.* (סאו-שי-א-לארזש'-אי-קעל) סאציאלאגיש; וואס איז שייך צו סאציאלאגיע. ז. ***sociology***.

sociolog'ically *adv.* (סאו-שי-א-לארזש'-אי-קעל-אי) לויט דער סאציאלאגיע; בנוגע צו סאציאלאגיע. ז. ***sociology***.

sociol'ogist *n.* (סאו-שי-אל'-א-דזשיסט) א סאציאלאג, א קענער פון סאציאלאגיע. ז. ***sociology***.

sociol'ogy *n.* (סאו-שי-אל'-א-דזשי) סאציאלאגיע, די לעהרע וועגען געזעלשאפט [די וויסענשאפט, וועלכע פערנעהמט זיך מיט די פראגען וועגען דעם געבוי פון דער געזעלשאפט, וועגען די געזעצען פון איהר ענטוויקלונג, וועגען פראגרעס פון ציוויליזאציאן א. ז. וו.].

so'cius crim'inis (סאו'-שי-אס קרימ'-אי-נים) אן אנטייל=נעהמער אדער מיטשולדיגער אין א פערברעכען.

sock *n. and v.* (סאק) א זאק, א שקארפעטקע; א לייכטער שוך וואס די קאמישע אקטיארען פלעגען טראגען אין די אמאליגע צייטען; קאמעדיע [אין געגענזאץ צו טראגעדיע]; ווארפען, שליידערען; שלאגען; געבען א שטארקען קלאפ.

sockdol'oger *n.* (סאק-דאל'-א-דזשער) אן ענטשיידענדער ארגומענט, דאס וואס ברענגט עפעס צו ענטשיידונג אדער ענדע; אן ענטשיידענדער שלאג; עפעס זעהר גרויסעס; אזא דאפעלטער האקען ביי א ווענטקע, וועלכער פערמאכט זיך פון זיך, ווען א פיש ווערט געכאפט.

sock'et *n. and v.* (סאק'-עט) אן אויסהוילונג אדער פערטיעפונג אין וועלכער עפעס ווערט איינגעפאסט; א געלענק=אויסהוילונג, א געלענק=פערטיעפונג [דאס גריבעל אין דעם ענד פון א ביין וואו עס פאסט זיך אריין אן אנדער ביין]; דאס גריבעל וואו דאס אויג זיצט; דאס גריבעל וואו א צאהן זיצט; דאס רעהרעל אדער די פערטיעפונג פון א לייכטער וואו דאס ליכט ווערט אריינגעשטעקט; אריינשטעלען אין אן אויסהוילונג אדער גריבעל; בעזארגען מיט אן אויסהוילונג אדער גריבעל וואו עטוואס דארף אריינגעפאסט ווערען.

sock'et-chis'el *n.* (סאק'-עט-טשיז'-על) א דלאט אדער שטעמ=אייזען מיט א פערטיעפונג פון אויבען, אין וועלכער עס שטעלט זיך אריין דאס הענטעל.

sock'et-pipe *n.* (סאק'-עט-פאיפ) א רעהר מיט א ברייטערער עפנונג פון איין זייט, וואו עס ווערט אריינגעשטעלט א צווייטער רעהר.



Socket-pipes

sock'less *a.* (סאק'-לעס) אהן זאקען, בארוועס.

so'cle *n.* (סאוקל) א וואנד=געשטעל [דער אונטערשטער טייל פון א וואנד]; א פוסגעשטעל פון א סטאטוע, זייל א. ד. ג.

soc'man *n.* (סאק'-מען) איינער וואס האלט לאנד אדער הייזער פאר געוויסע דיענסטען צום פריץ.

soc'manry *n.* (סאק'-מען-רי) דאס האלטען לאנד אדער הייזער פאר געוויסע דיענסטען צום פריץ.

Socrat'ic *a.* (סא-קרעט'-איק) סאקראטיש, וואס איז שייך צום גריכישען פילאזאף סאקראטעס [געב. 399, געשט. 470 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג].

Socrat'ically *adv.* (סא-קרעט'-אי-קעל-אי) נאך דער סאקראטישער לעהר=מעטאדע, אויף א סאקראטישען שטייגער, דורך פראגען און ענטפערס.

Soc'ratism *n.* (סאק'-רע-טיזם) די פילאזאפיע אדער די לעהרען פון סאקראטעס.

Soc'ratist *n.* (סאק'-רע-טיסט) א תלמיד אדער אנהענגער פון סאקראטעס.

sod *n. and v.* (סאד) ראזען, גראז=ערד פלאכטעס; בעדעקען מיט גראז=ערד פלאכטעס.

so'da *n.* (סאו'-דא) סאדע; נאטראן; סאדע=וואסער.

so'da-ash *n.* (סאו'-דא-עש) קויהלענזויערעס נאטריום. ז. ***sodium carbonate***.

so'da-bis'cuit *n.* (סאו-דא-בים'-קיט) א סאדע=ביסקוויט, א ביסקוויט געבאקען מיט סאדע.

so'da-crack'er *n.* (סאו'-דא-קרעק'-ער) ז. ***soda-biscuit***.

so'da-foun'tain *n.* (סאו'-דא-פאונ'-טען) א סאדע=פאנטאן [אן אפאראט מיט קראנען, וואו מען האלט סאדע=וואסער].

soda'ic *a.* (סא-דיי'-איק) געמאכט פון סאדע, ענטהאלטענד סאדע, וואס איז שייך צו סאדע.

so'dalite *n.* (סאו'-דע-לאיט) סאדאליט [אזא מינעראל, וואס ענטהאלט פיעל סאדע].

sodal'ity *n.* (סא-דעל'-אי-טי) א געזעלשאפט, א ברודערשאפט, אן ארדען.

so'da-pa'per *n.* (סאו'-דא-פיי'-פער) סאדע=פאפיער [פאפיער אנגעזאפט מיט סאדע].

so'da-plant *n.* (סאו'-דא-פלענט) א פלאנצע, וואס איהר אש פלעגט אמאל בענוצט ווערען צו מאכען סאדע.

so'da-salt *n.* (סאו'-דא-סאהלט) סאדע=זאלץ.

so'da-wa'ter *n.* (סאו'-דא-הוואה'-טער) סאדע=וואסער.

sod'-burn'ing *n.* (סאד'-בוירנ'-אינג) דאס אבברענען דאס גראז פון פיטערנים לאנד אום צו געברויכען דאס אש אלס בעמיסטיגונג.

sod'-cut'ter *n.* (סאד'-קאט'-ער) אן אינסטרומענט אדער מאשין צום שניידען ראזען אדער ערד=גראז פלאכטעס.

sod'den *a. and v.* (סאדן) געקאכט, געזאטען; אנגעווייקט, אנגעזאפט; דורכגענעצט; צואווייקט, צוקאכט, קאשעוואטע; טייגיג, ניט דערבאקען; דורכווייקען, אנזאפען; ווייך ווערען [ווי פון פוילען]; זיך איבערקאכען אין..., זיך פערוואנדלען אין...

sod'denness *n.* (סאד'נ-נעס) דורכגעווייקטקייט, צואווייקטקייט; דורכגענעצטקייט; צוקאכטקייט, צוקראכענקייט.

sod'ding-mal'let *n.* (סאד'-אינג-מעל'-עט) אזא געצייג איינצוקלאפען גראז=ערד פלאכטעס [ראזען].

sod'ding-spade *n.* (סאד'-אינג-ספייד) א לאפעטע צום שניידען ראזען [גראז=ערד].

sod'dy *a.* (סאד'-אי) בעדעקט מיט ראזען [גראז=ערד פלאכטעס]; בעדעקט מיט נידריגען גראז און ווארצלען.

so′dic *a.* (סאו′-דיק) וואס בעשטעהט פון סאדיום אדער נאטריום; וואס ענטהאלט נאטריום.

so′dic-chalyb′eate *a.* (סאו′-דיק-קע-ליב′-אי-אייט) וואס ענטהאלט אי אייזען אי סאדיום [וועגען מינעראל=וואסער]. ז. *sodium*.

so′dium *n.* (סאו′-די-אם) סאדיום אדער נאטריום [א גלאנציגעס מעטאל פון א זילבער=ווייסען קאליר].

so′dium car′bonate (סאו′-די-אם קאר′-בא-נייט) קויהלען=זויערעס נאטריום [א כעמישע פערבינדונג פון נאטריום מיט קויהלען=זויערע].

so′dium chlo′rid (סאו′-די-אם קלאו′-ריד) כלאר=נאטריום, קאך=זאלץ.

so do I (סאו דו אי) איך אויך.

sod′-oil *n.* (סאד′-איל) אויל אויסגעפרעסט פון שעפסען=פעל [ווערט געברויכט אין דער פראדוקציאן פון ביליגער ברוינער זייף].

Sod′om-ap′ple *n.* (סאד′-אם-עפ′ל) דער סדום=עפעל [אזא פרוכט, וועלכע איז, לויט א פארצייטיגער לעגענדע, געוואקסען ביי סדום און פלעגט זיך פערוואנדלען אין אש און רויך אזוי שנעל ווי מען פלעגט זי אבברייסען]; א פרוכטלאזע אונטערנעהמונג; עטוואס וואס ברייגנט בלויז ענטטוישונג; דער נאכט=שאטען [אזא פלאנצע. ז. *nightshade*].

sod′omist *n.* (סאד′-אמ-איסט) ז. *sodomite*.

sod′omite *n.* (סאד′-אם-איט) א סאדאמיט, איינער וואס איז שולדיג אין מעשה סדום, א פעדעראסט, איינער וואס האט אן אוננאטירליכען געשלעכטליכען פערקעהר מיט פערזאנען פון דעמזעלבען געשלעכט אדער מיט בהמות.

Sod′omite *n.* (סאד′-אם-איט) אן איינוואהנער פון דער פארצייטיגער שטאדט סדום.

sodomit′ical *a.* (סאד-א-מיט′-אי-קעל) סאדאמיטיש; שולדיג אין מעשה סדום [אוננאטירליכער געשלעכטליכער פערקעהר מיט פערזאנען פון דעמזעלבען געשלעכט אדער מיט בהמות].

sodomit′ically *adv.* (סאד-א-מיט′-אי-קעל-אי) סאדאמיטיש, האבענדיג אוננאטירליכען געשלעכטליכען פערקעהר מיט פערזאנען פון דעמזעלבען געשלעכט אדער מיט בהמות.

sod′omy *n.* (סאד′-אמ-אי) סאדאמיע, מעשה סדום, פעדעראסטיע, אוננאטירליכער געשלעכטליכער פערקעהר מיט פערזאנען פון דעמזעלבען געשלעכט אדער מיט בהמות.

sod′-plow *n.* (סאד′-פלאו) אן אקער=אייזען צום שניידען ראזען [גראז=ערד].

sod′-worm *n.* (סאד′-הוואירם) א גראז=ווארם [אן אינזעקטען=ווארם, וועלכער פערניכטעט די ווארצלען פון גראזען און תבואות].

soev′er *adv.* (סא-עוו′-ער) ניט איז [דאס ווארט ווערט געברויכט אין פערבינדונג מיט די ווערטער *who, what, how, where,* א. ז. וו.].

so′fa *n.* (סאו′-פא) א סאפע, א קאנאפע.

so′fa-bed *n.* (סאו′-פא-בעד) א סאפא=בעט [א סאפא וואס קען זיך פאנאנדערלעגען און זיך פערוואנדלען אין א בעט].

so′fa-bed′stead *n.* (סאו′-פא-בעד′-סטעד) ז. *sofa-bed*.

sof′fit *n.* (סאפ′-איט) דער סופיט פון א קארניז אדער ארקע [ז. איל.]; א סופיט אדער סטעליע פון א צימער וואס איז געטיילט דורך קווער=באלקענס אין פאנעלען אדער קעסטלעך.



s. s. Soffit

so′fi *n.* (סאו′-פי) ז. *sufi*.

so′fism *n.* (סאו′-פיזם) ז. *sufism*.

soft *a., adv., n., v. and int.* (סאהפט) ווייך; גלאט; מילד, צארט, רוהיג; עמפפינדליך, ווייכהערציג, גוטמוטיג; אנגענעהם; שוואך, נאכגיעביג, מוטלאז, צוקראכען; נאריש, אידיאטיש; אבגעלאזען, נאכלעסיג; פייכט, רעגענדיג; ניט אלקאהאליש [וועגען געטרענקע]; וואס ענטהאלט כמעט ניט קיין קאלך און מאגנעזיע [וועגען וואסער]; אויף א ווייכען, מילדען, צארטען אדער רוהיגען אופן; א נאר, אן אידיאט; א שוועכלינג; מאכען ווייך, צארט, מילד אדער רוהיג; פאוואליע! לאנגזאם! שטעה! ווארט!

soft coal (סאהפט קאול) ווייכע קויהלען [אין געגענזאץ צו הארטע אדער אנטראציט=קויהלען].

soft′-con′scienced *a.* (סאהפט′-קאנ′-שענסט) וואס האט א צארטען געוויסען.

soft drinks (סאהפט דרינקס) מילדע געטרענקע [ניט אלקאהאלישע].

sof′ten *v.* (סאהפן) ווערען ווייכער, מילדער, צארטער אדער רוהיגער; מאכען ווייכער, מילדער, צארטער אדער רוהיגער; מאכען אדער ווערען נאכגיעביגער, מוטלאזער אדער שוואכער; ריהרען, גערירט ווערען.

sof′tener *n.* (סאהפ′-נער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט ווייך, בערוהיגט, מאכט צארטער אדער מילדערט; א מילדערונגסמיטעל; א פינזעל פאנאנדערצומישען פארבען אויף טעפעריי=ארבייט.

sof′tening *n.* (סאהפ′-נינג) פערווייכונג; דאס מאכען אדער ווערען ווייכער, מילדער, צארטער אדער רוהיגער; דאס ווערען גערירט.

sof′tening-i′ron *n.* (סאהפ′-נינג-אי′-ערן) א קיילעכדיגע אייזערנע פלאטע, אויף וועלכער עס ווערען אנגעצויגען געווייקטע פעל [ביי לעדער=אויסארבייטונג].

sof′tening-machine′ *n.* (סאהפ′-נינג-מע-שין′) א מאשין צו נעצען פעל [צום בעארבייטען].

sof′tening of the brain (סאהפ′-נינג אוו טהי בריין) געהירן=פערווייכונג [א קראנקהייט, ווען די געהירן ווערען ווייך].

soft ep′ithem (סאהפט עפ′-אי-טהעם) א קרייטער=פלאסטער; א פלאסטער פון אנגעשאבענע רויהע קארטאפעל [פאר א בראנד=וואונד].

sof′ter sex (סאהפ′-טער סעקס) דאס שוואכערע [ווייבליכע] געשלעכט.

soft′-eyed *a.* (סאהפט′-איד) זאנפטאויגיג, מיט זאנפטע אויגען, מיט א מילדען בליק.

soft′-grass *n.* (סאהפט′-גרעס) האניגגראז אדער סאמעט=גראז [אזא וואלינגע פלאנצע].

soft′-hand′ed *a.* (סאהפט′-הענד′-עד) ווייך=הענדיג; וואס איז ניט געוועהנט צו ארבייט; שוואך, ניט שטרענג.

soft′-head′ed *a.* (סאהפט′-העד′-עד) שוואך=קעפיג, נאריש; אידיאטיש.

soft′-heart′ed *a.* (סאהפט′-הארט′-עד) ווייכהערציג.

soft′-heart′edness *n.* (סאהפט′-הארט′-עד-נעס) ווייכהערציגקייט.

soft′horn *n.* (סאהפט′-האהרן) א נאר, א שוטה; אן אונערפאהרענער מענש; איינער וועמען עס איז לייכט אבצונארען.

sof′tie *n.* (סאהפ′-טי) ז. *softy*.

soft′ly *adv.* (סאהפט′-לי) מיט מילדקייט, מיט ווייכקייט; אויף א צערטליכען אופן; שטיל; אויף א רוהיגען, געלאסענעם אדער לאנגזאמען אופן; אויף אן אבגעלאזענעם, נאכלעסיגען אופן.

soft mon′ey (סאהפט מאנ′-אי) פאפיער=געלד.

soft′ness *n.* (סאהפט′-נעס) ווייכקייט, זאנפטקייט, מילדקייט; צערטליכקייט; זאנפטמיטיגקייט; אנגענעהמליכקייט; שוואכקייט; נאכגיעביגקייט; ווייכהערציגקייט; נארישקייט; נאכלעסיגקייט, אבגעלאזענקייט; פייכטקייט, רעגענדיגקייט [פון וועטער]; דאס ענטהאלטען וועניג קאלך און מאגנעזיע [וועגען וואסער].

soft pal′ate (סאהפט פעל′-עט) דער ווייכער טייל פון גומען.

soft place (סאהפט פלייס) די שוואכע זייט.

soft pulse (סאהפט פאלס) א ווייכער פולס [וואו די ארטעריע לאזט זיך לייכט איינדריקען].

soft saw′der (סאהפט סאה′-דער) חניפה.

soft′-saw′der *v.* (סאהפט′-סאה′-דער) חנפ′ענען.

soft′-skinned *a.* (סאהפט′-סקינד) וואס האט א גלאטע אדער ווייכע הויט.

soft snap (סאהפט סנעפ) א לייכטע, גוט בעצאהלטע שטעלע.

soft soap (סאהפט סאופ) גרינע זייף, שמיער=זייף, האלב=פליסיגע זייף; חניפה.

soft′-soap′ *v.* (סאהפט′-סאופ′) חנפ′ענען.

soft sold′er (סאהפט סאד′-ער) ווייכער לייט=שטאף [צום לייטען]; חניפה.

soft′-sol′id *a.* (סאהפט′-סאל′-איד) קאשוואטע, ווי קאשע, ווי פאפ.

soft′-spo′ken *a.* (סאהפט′-ספאו′קן) וואס רעדט זאנפט; מילד, פריינדליך.

soft′-tack *n.* (סאהפט′-טעק) ווייך ווייצען=ברויט [אין געגענזאץ צו סוכארעס אדער צוויעבאק — אויף דער מאטראזען=שפראך].

soft thing (סאהפט טהינג) ז. *soft snap*.

soft wa′ter (סאהפט הוואה′-טער) וואסער וואס איז כמעט אין גאנצען פריי פון קאלך און מאגנעזיע.

soft weath′er (סאהפט הועטה′-ער) א פייכטער אדער רעגענדיגער וועטער.

sof′ty *n.* (סאהפ′-טי) א נאר; אן אידיאט.

sog *n.* (סאג) א בלאטע, א זומפ; לעטארגיע, היהנער=פלעט.

so′ger *n. and v.* (סאו′-דזשער) א פוילענצער, איינער וואס זוכט מיטלען זיך אויסצודרעהן פון זיין ארבייט [אויף דער מאטראזען=שפראך]; א סאלדאט; פוילענצען, זיך אויסדרעהן פון ארבייט [אויף דער מאטראזען=שפראך].

sog′gy *a.* (סאג′-אי) דורכגענעצט, דורכגעווייקט, אנגעווייקט, אנגעזאפט מיט פייכטקייט.

soh *int.* (סאו) אט אזוי! רוהיג, שטיל, לאנגזאם! שטעה! האלט!

soho'! *int.* (סאו–האו') היי! [א צו־רוף, א יעגער־צורוף].

soi-disant' *a.* (סוא–די–זאן') כלומר'שט, משטיינס.

soil *n. and v.* (סאיל) גרונד, באדען, אקער־באדען, ערד; א לאנד; א פאטערלאנד, היימאט; א בלאטיגער אדער פייכטער פלאץ, וואו עס בעהאלט זיך א פערפאלגטער ווילדער חזיר; א וואסערשטראם, וואו עס רעטעט זיך א פערפאלגטע געיעג־חיה [ווי למשל, א הירש]; שמוץ, קויט, צאה, בעמיסטיגונגס־שטאף; א פלעק; בעשמוצען; בעפלעקען; בעשמוצט ווערען, בעפלעקט ווערען; בעמיסטיגען; מאסטען אדער קארמענען פיה אין שטאלען [צום פעט־מאכען].

soil'-bound *a.* (סאיל'–באונד) געבונדען צום באדען [ווי א לייב־אייגענער אדער פאנשטשיזניק].

soil'-branch *n.* (סאיל'–ברענטש) א זייטען־פעראייניגונג פון א קאנאליזאציאנס־רעהר.

soiled *a.* (סאילד) 1. וואס האט אקער־באדען; 2. בעשמוצט, בעפלעקט.

1. New York State is more populous, and better **soiled** than Pennsylvania.

soil'ing *n.* (סאיל'–אינג) דאס קארמען פיה מיט גראז אין שטאל; גראז מיט וועלכען מען קארמעט פיה אין שטאל.

soil'-inocula'tion *n.* (סאיל'–אינ–אק–יו–ליי'–שאן) דאס אריינברייגנען אין ערד־באדען געוויסע מיקראבען [אום צו מאכען די ערד פרוכטבארער].

soil'less *a.* (סאיל'–לעס) וואס האט ניט קיין אקער־ערד.

soil'-map *n.* (סאיל'–מעפ) א מאפע אדער קארטע, וואס צייגט די פערטיילונג פון פערשיעדענע זארטען פון ערד־באדען.

1. The poor must unwillingly live sordid lives. 2. His sordid ambition led to his undoing.

sor'didly *adv.* (סאהר'-דיד-לי) אויף א שמוציגען אופן; אויף א געמיינעם אדער נידערטרעכטיגען אופן.

sor'didness *n.* (סאהר'-דיד-נעס) שמוציגקייט; גראבקייט; געמיינהייט; נידערטרעכטיגקייט; עגאאיזם.

sor'dine *n.* (סאהר'-דין) א זארדינע אדער א דעמפפער [דער פעדאל פון א קלאוויר וואס ווערט בענוצט ווייכער צו מאכען דעם קלאנג].

sordi'no *n.* (סאהר-די'-נאו) ז. ***sordine***.

sor'dor *n.* (סאהר'-דאר) שמוץ; אבפאל.

sore *n., a. and adv.* (סאור) א וואונדארט, וואונד־פלייש; א וואונד; א וועהטאג; א געשוויר; אן אונגליק, א צרה; קומער, שמערץ; א שמערצליכער פערדרוס; א פיער־יעהריגער הירש; אן איין־יעהריגער פאלק [רויב־פויגעל]; שמערצהאפט, שמערצליך; שלעכט אדער שווער פיהלענד; מיט גייסטיגע שמערצען; פערביטערט; געדריקט, שלעכט געשטימט; פערדריסליך, טרויעריג; העפטיג, שטארק, שלעכט, שווער; עקסטרעם, אויסערארדענטליך, אויסערגעוועהנליך.

sore eyes (סאור איז) קאליע אדער קראנקע אויגען.

sore'head *n.* (סאור'-העד) איינער וואס האט א קראנקען קאפ; אן אונצופריעדענער מענש; איינער וואס האט קריוודעס.

sore'ly *adv.* (סאור'-לי) שמערצליך, שמערצהאפט; פערדריסליך, מיט א שווערען געמיט; העפטיג, שטרענג; עקסטרעם.

sore'ness *n.* (סאור'-נעס) שמערצהאפטיגקייט, שמערצליכקייט, וועהטאג; פיין; א שמערץ־געפיהל, א קרענקונג, א טיעפער פערדרוס; פיינליכקייט; העפטיגקייט.

sor'gho *n.* (סאהר'-גאו) ז. ***sorghum***.

sor'ghum *n.* (סאהר'-גאם) מאהר־הירזש אדער דורא, אזא גראז־ראהר, וועלכער ענטהאלט אין זיך א צוקערדיגען זאפט; סיראפ אדער צוקער־זאפט פון דיעזען גראז־ראהר.

sori'tes *n.* (סא-ראי'-טיז) אין פילאזאפיע — א סאפיזם וואס בעשטעהט אין דעם, דאס אויסגעהענדיג פון א רייה ריכטיגע בעהויפטונגען ווערט מען געצוואונגען אויף א כלומר'שט לאגישען וועג צו קומען צו א פאלשען שלום [צ. ב. איין זאמד־קערנדעל איז ניט קיין קופע זאמד, ווען מען לעגט צו צו דעם ערשטען זאמד־קערנדעל א צווייטען, קען אלזא, דער צווייטער דעם ערשטען ניט מאכען פאר א קופע, פאלגליך זיינען אפילו א ביליאן זאמד־קערנדלעך ניט קיין קופע]; א קעטען־שלום [א רייה פון בעהויפטונגען וועלכע שליסען זיך איינע אין די אנדערע און פון וועלכע עס קומט ארוים איין שלום].

soro'ral *a.* (סא-ראו'-רעל) שוועסטערליך.

soror'icide *n.* (סא-ראר'-אי-סאיד) א שוועסטער־מארד; א שוועסטער־מערדער.

soro'sis *n.* (סא-ראו'-סיס) א פרוכט וואס איז ארויסגעוואקסען פון מעהרערע בליהונגען און צונויפגעוואקסענע בלעטער [ווי אנאנאס, ברויט־פרוכט א. ד. ג.].

sor'rel *n. and a.* (סאר'-על) שטשאווי, זויער־אמפער, שטשאוועל [אזא פלאנצע מיט זויערע בלעטלעך וואס ווערט בענוצט אלס שפייז]; א געל־ברוינער קאליר; א געל־ברוינעס פערד; געל־ברוין [וועגען פערד]

sor'rel-tree *n.* (סאר'-על-טריע) א מין קליינער בוים מיט בלעטער וואס בלייבען גרין דאס גאנצע יאהר

sor'rily *adv.* (סאר'-אי-לי) פיינליך, שמערצליך, פערדריסליך; עלענד, ערבארמליך; טרויעריג, בעטריבט.

sor'riness *n.* (סאר'-אי-נעס) שמערצליכקייט, פיינליכקייט, פערדריסליכקייט; עלענדקייט, ערבארמליכקייט; טרויעריגקייט, בעטריבטקייט.

sor'row *n. and v.* (סאר'-או) טרויער, קומער, לייד; פערדרוס, ערגערנים; טרויעריגקייט; בעטריבונג; זיך פיהלען בעטריבט אדער טרויעריג; זיין אין פערדרוס אדער אין קומער; זיך קרענקען; טרויערען; זיך פיהלען נידערגעשלאגען; בעטרויערען; בעדויערען.

sor'rower *n.* (סאר'-א-ער) א טרויערער, א בעדויערער.

sor'rowful *a.* (סאר'-א-פול) טרויעריג; בעטריבט; געקרענקט; קלעגליך, עלענד, יאמערליך.

sor'rowfully *adv.* (סאר'-א-פול-אי) מיט טרויער, מיט קומער; בעטריבט, קלעגליך, יאמערליך.

sor'rowfulness *n.* (סאר'-א-פול-נעס) טרויעריגקייט, קומער; ערגערנים, פערדרוס.

sor'rowless *a.* (סאר'-א-לעס) אהן קומער, אהן לייד; אהן טרויער; אהן פערדרוס אדער ערגערנים.

sor'row-strick'en *a.* (סאר'-או-סטריק'ן) געטראפען פון טרויער אדער קומער; בעטריבט, געקרענקט.

sor'ry *a.* (סאר'-אי) טרויעריג, בעטריבט; בעקימערט; פערדריסליך, געקרענקט; אונגליקליך; עלענד; ערבארמליך; יאמערליך; ווערטהלאז, לומפיג.

sor'ry fig'ure (סאר'-אי פיג'-יור) א טרויעריגע, עלענדע פיגור.
He was a sorry figure at the convention.

sort *n. and v.* (סאהרט) א זארט, א גאטונג; די ארט; דער אופן; די נאטור, דער כאראקטער [פון עטוואס]; איינטיילען; איינטיילען אין קלאסען אדער ראנגען; אבזונדערען; זארטירען; איינזארטירען; צוזאמענפאסען; צופאסען; זיין פון דעמזעלבען זארט, הארמאנירען, איינשטימען, זיין גלייך; זיך צופאסען, זיך צוזאמענפאסען.

sor'table *a.* (סאהר'-טעבל) זארטירט; פון פערשיעדענע זארטען; אנגעמאסטען; פאסענד; צוגעפאסט.

sor'tably *adv.* (סאהר'-טע-בלי) אנגעמאסטען, צוגעפאסט.

sor'ter *n.* (סאהר'-טער) א זארטירער.

sor'tes *n.* (סאהר'-טיז) א מין גורל־ווארפען צו טרעפען די צוקונפט דורך דער ביבעל [וועלכע מען עפענט אויף ווי עס פאלט אוים און מען שטעלט זיך אב אויף'ן זאץ, אויף וועלכען דאס אויג פאלט צום ערשטען] אדער דורך אויסגעשריבענע זעצע פון וועלכען עס איז בוך [פערשיעדענע זעצע פון בעליעבטע שריפטשטעלער ווערען אויפגעשריבען אויף בעזונדערע צעטעלעך און נאכדעם, ווען זיי ווערען דורכגעמישט, נעהמט מען ארוים איינס פון די צעטעלעך וואס פאלט אין האנד און פון זיין אינהאלט זוכט מען צו טרעפען די צוקונפט].

sor'tes Virgilia'næ (סאהר'-טיז וואיר-דזשי-לי-איי'-ניע) דאס ווארפען גורל געברויכענדיג די ווערק פון דעם פאעט ווירגיליוס. ז. ***sortes***.

sor'tie *n.* (סאהר'-טיע) אן איבערפאל וואס א מיליטער־אבטיילונג פון א בעלאגערטען גארניזאן מאכט אויף די בעלאגערער; אן איבערפאל.

sor'tilege *n.* (סאהר'-טי-לעדזש) דאס גורל־ווארפען; דאס טרעפען אדער פארויסזאגען דורך ווארפען גורל; צויבעריי, כשוף.

sortile'gious *a.* (סאהר-טי-לי'-דזשאס) וואס איז שייך צו גורל־ווארפען.

sor'tilegy *n.* (סאהר'-טי-לעדזש-אי) ז. ***sortilege***.

sor'ting *n.* (סאהר'-טינג) דאס זארטירען, דאס איינטיילען אין זארטען.

sorti'tion *n.* (סאהר-טיש'-אן) דאס ווארפען גורל.

sort'ment *n.* (סאהרט'-מענט) דאס זארטירען, די זארטירונג, די איינזארטירונג.

so'-so *a.* (סאו'-סאו) ניש'קשה'דיג, קיין בייז ניט, צו דערטראגען.

so so (סאו סאו) קיין בייז ניט, ניש׳קשה, צו דערליידען.

soss *v., n. and adv.* (סאס) מאכען שמוציג אדער נאס; א שווערער אונגעלומפערטער פאל; א שווערער, אונגעלומפערטער מענש; אונגעלומפערט.

sostenu'to *a.* (סאס-טע-נוה׳-טא) אין מוזיק — אנהאלטענד, אויסציהענד אדער פערלענגערענד דעם קלאנג.

sot *n. and v.* (סאט) א שוטה, א באלוואן; א מענש מיט א פערטרונקענעם שכל; א פיאניצע, א שכור; פיאנסטווען, שכור׳ען; מאכען דום אדער נאריש; פערטעמפען דעם שכל.

soteriol'ogy *n.* (סא-טי-רי-אל׳-א-דזשי) היגיענע, די געזונדהייטס־לעהרע; דער טייל פון דער קריסטליכער טעאלאגיע וואס פערנעהמט זיך מיט דער זעליגקייט פון מענשען דורך יעזוס קריסטוס.

so that (סאו טהעט) כדי אז; מיט דעם צוועק אדער מיט דעם רעזולטאט; אין פאל ווען; אויב.

so to say (סאו טו סיי) אזוי צו זאגען, געברויכענדיג דעם אויסדרוק.

so to speak (סאו טו ספיעק) ז. *so to say*.

sot'tish *a.* (סאט׳-איש) דום, נאריש; איבערגעגעבען דעם טרונק, אריינגעטהאן אין שכרות.

sot'tishly *adv.* (סאט׳-איש-לי) מעשה שכור; נאריש, דום, אהן שכל.

sot'tishness *n.* (סאט׳-איש-נעס) דומהייט; טעמפקייט פון שכל; דאס זיין טעמפ פון שכרות; בעזויפענקייט, איבערגעגעבענהייט צו שכרות.

sot'to *prep.* (סאט׳-טא) אונטער.

sot'to vo'ce (סאט׳-טא וואו׳-טשיי) מיט א נידריגען טאן, מיט אן איינגעהאלטענער שטימע.

sot'-weed *n.* (סאט׳-הוויעד) טאבאק.

sou *n.* (סוה) א סו [א פראנצויזישע קופערנע מטבע וואס איז אונגעפעהר גלייך צו אן אמעריקאנער סענט].

soubrette' *n.* (סוה-ברעט׳) א סוברעטע, אן אקטריסע וואס שפיעלט אדער זינגט אין לייכטע לעבעדיגע ראלען פון א קאמעדיע; אן אקטריסע וואס שפיעלט די ראלע פון א דיענסט־מיידעל אין א קאמעדיע.

soubriquet' *n.* (סוה-ברי-קיי׳) ז. *sobriquet*.

sou'chong *n.* (סוה׳-שאנג) א מין שווארצע טהעע.

souf'fle *n.* (סוהפל) אין מעדיצין — א רוישענדער קלאנג, א קלאנג ווי פון בלאזען.

souffleur' *n.* (סוה-פלויר׳) א סופליאר [איינער וואס זאגט אונטער די ווערטער די אקטיארען בעת׳ן שפיעלען].

sough *n. and v.* (סאו) א רוישען, ברויזען אדער פייפען ווי פון ווינד; א זיפץ, אן אטהעם־צוג; רוישען, ברויזען, פייפען ווי דער ווינד.

sought (סאהט) געזוכט. ז. *seek*.

sought af'ter (סאהט עפ׳-טער) געווינשט, פערלאנגט.

He is a much sought after lecturer.

soul *n.* (סאול) די זעעלע, די נשמה; דער גייסט; דער תוך אדער עסענץ פון עפעס; א גייסטיגעס וועזען; דאס מענשליכע וועזען; א מענש.

soul'-blind *a.* (סאול׳-בלאינד) שטאק־בלינד, פאלשטענדיג בלינד.

soul'-deaf *a.* (סאול׳-דעף) פאלשטענדיג טויב.

souled *a.* (סאולד) וואס האט א נשמה; מיט א נשמה, מיט א געפיהל.

soul'-fear'ing *a.* (סאול׳-פיער׳-אינג) וואס דערשרעקט די נשמה, וואס ווארפט אן א שרעק.

soul'ful *a.* (סאול׳-פול) הארציג, געפיהלפול, פול מיט נשמה אדער געפיהל; וואס דריקט אויס א שטארקען געפיהל.

soul'fully *adv.* (סאול׳-פול-אי) אויף א הארציגען אדער געפיהלפאלען אופן.

soul'fulness *n.* (סאול׳-פול-נעס) הארציגקייט, געפיהל; דאס זיין פול מיט נשמה אדער געפיהל.

soul'-kill'ing *a.* (סאול׳-קיל׳-אינג) וואס טויטעט די נשמה; וואס רואינירט דעם גייסט.

soul'less *a.* (סאול׳-לעס) אהן א זעעלע, אהן א נשמה; אהן גייסט, אהן לעבען; טויט; אהן אן אויסדרוק, וואס דריקט ניט אויס קיין געדאנק אדער געפיהל; גייסטלאז, געמיין, נידריג.

soul'lessness *n.* (סאול׳-לעס-נעס) דאס זיין אהן א נשמה; דאס זיין אהן לעבען; גייסטלאזיגקייט, געמיינהייט.

soul'-sick *a.* (סאול׳-סיק) גייסטיג קראנק.

soul'-vexed *a.* (סאול׳-וועקסט) וואס ליידט גייסטיג.

soul'-wor'ship *n.* (סאול׳-הוואיר׳-שיפ) די פערגעטערונג פון גייסטער; דאס גלויבען אין דעם לעבען פון א גייסט וועלכער בלייבט נאך א פערשטארבענעם.

sound *n., a., adv. and v.* (סאונד) א קלאנג; א טאן; א פוסטער קלאנג; א זאנד [א שפיזעל־עהנליכער כירורגישער אינסטרומענט צו אונטערזוכען עפנונגען אדער רעהרען אין קערפער]; א זונד, א מעער־ענגע [א שמאלער וואסער־דורכגאנג פון איין ים צו א צווייטען אדער פון אן אינזעל צום קאנטינענט]; דער פענכער פון א פיש; א טינט־פיש; געזונד, גאנץ, ניט פערוואונדעט, געזונד אויף אלע גליעדער; עהרליך, עהרווירדיג, טאדעללאז; בעגרינדעט; גרינדליך; שטארק, פעסט, טיכטיג; אהן פעהלערען; פעהלערלאז; ריכטיג, קארעקט; לאגיש; געזעצליך; אונגעשטערט, אונאונטערבראכען [וועגען שלאף]; רעכטגלויביג, ארטאדאקסיש; היילען, מאכען געזונד; געהיילט ווערען, געזונד ווערען; גרונטעווען, מעסטען די טיעפקייט; מעסטען די טיעפקייט מיט א בליי־שנור, אראבלאזען די בליי־שנור; זיך אראבלאזען אויף׳ן גרונד; פראבירען מיט א זאנד; זאנדירען, אונטערזוכען, עקזאמענירען, אויספרובירען, אויספארשען; פראבירען אדער אויספארשען אימעצענס מיינונג; קלינגען; ארויסגעבען א קלאנג; מאכען קלינגען; מאכען א גערויש, רוישען; בלאזען, טרובען; אויסקלינגען, בעקאנט מאכען, פערעפענטליכען; אויסגעקלונגען ווערען, פערעפענטליכט ווערען; שיינען צו זיין עהנליך; אויסדריקען, אויסשפרעכען; געבען א בעפעהל אדער סיגנאל דורך א געוויסען קלאנג.

sound a note of warn'ing (סאונד ע נאוט אוו הוואהרנ׳-אינג) געבען אן אזהרה אדער א ווארנונג; ווארנען, מזהיר זיין.

sound asleep' (סאונד ע-סליעפ׳) אין א טיעפען שלאף.

sound'board *n.* (סאונד׳-באורד) דאס רעזינאנץ־ברעט אדער קלאנג־ברעט פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט [אזא האלץ־ברעטעל אין א קלאוויר, ארגעל, פיעדעל, גיטארע א. ד. ג. צו פערשטארקען דעם טאן]; דאס קלאנג־ברעט אויף א בימה אדער קאנצעל [אן אנגעבויגען דעקעל איבער א בימה אדער קאנצעל צו געבען דער שטימע פון דעם רעדנער די ריכטונג צום פובליקום].

sound'-bone *n.* (סאונד׳-באון) דער ביין פון א פיש, וואס געפינט זיך נעבען דעם לופט־פענכער.

sound'-bow *n.* (סאונד׳-באו) דער דיקערער טייל פון ראנד ביי א גלאק, אן וועלכען עס קלאפט זיך אב דאס צינגעל.

sound'-box *n.* (סאונד׳-באקס) דער רעזאנאנץ־קאסטען [די אויסהוילונג אדער פערטיעפונג אין א מוזיקאלישען אינסטרומענט, וואס פערשטארקט דעם קלאנג]. ז. *resonance-box*.

sound'-chest *n.* (סאונד׳-טשעסט) ז. *sound-box*.

soun'der *n.* (סאונ׳-דער) א קלינגער, עטוואס וואס קלינגט; דער קלאפער אדער קלינגער אין א טעלעגראפישען אפאראט; אן אפאראט צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

sound'-hole *n.* (סאונד׳-האול) דאס קלאנג־לאך אין א פיעדעל אדער אין אן אנדער שטרייך־אינסטרומענט.

soun'ding *n. and a.* (סאונ׳-דינג) דאס מעסטען די טיעף, דאס גרונטעווען; דאס אראבלאזען זיך צום גרונד [ווי א וואלפיש, ווען ער ווערט געטראפען פון א הארפון]; א קלאנג, א גערויש; דאס קלינגען, דאס ארויסגעבען א קלאנג אדער גערויש; קלינגענד, וואס גיט ארויס א קלאנג; וואס מאכט א גערויש; הויכקלינגענד, באמבאסטיש.

soun'ding-board *n.* (סאונ׳-דינג-באורד) ז. *soundboard*.

soun'ding-bot'tle *n.* (סאונ׳-דינג-באט׳ל) א זינק־פלאש [אזא כלי צו שעפען וואסער פון א גרויסער טיעפעניש פאר אונטערזוכונגס־צוועקען].

soun'ding-lead *n.* (סאונ׳-דינג-לעד) א זינק־בליי [דאס בליי־געוויכט וואס ווערט אנגעבונדען צו א שנור צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסערען].

soun'ding-line *n.* (סאונ׳-דינג-לאין) א זינק־שנור [א שנור צו וועלכען עס איז צוגעבונדען א בליי־געוויכט צו מעסטען טיעפקייטען פון וואסער].

soun'ding-machine' *n.* (סאונ׳-דינג-מע-שין׳) א מאשין צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

soun'ding-post *n.* (סאונ׳-דינג-פאוסט) אזא צילינדער־פערמיגעס שטיקעל האלץ וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א פיעדעל אלס א שפארע פאר די ווענטלעך [פון דער פארם פון דיעזען העלצעל העננט פיעל אב דער טאן־קלאנג פון פיעדעל].

soun'ding-rod *n.* (סאונ׳-דינג-ראד) אזא אייזערנער שטאנג איינגעטיילט אין גראדען, וואס ווערט בענוצט צו מעסטען די טיעפקייט פון וואסער־רוים אין א שיף.

soun'dings *n.* (סאונ׳-דינגז) די טיעפקייט פון וואסערען אויף וויפיעל זי ווערט אנגעצייגט דורך אויסמעסטען.

sound'less *a.* (סאונד׳-לעס) קלאנגלאז, אהן א קלאנג; אהן א טאן; שטיל; שטום; אהן א גרונד, וועמעס טיעפקייט קען ניט אויסגעמאסטען ווערען.

sound'ly *adv.* (סאונד׳-לי) געזונד; פעסט; שטארק; ריכטיג, לאגיש; טיכטיג; טיעף, אונאונטערבראכען, ניט געשטערט [וועגען שלאף].

sound mind (סאונד מאינד) א געזונטער שכל, א לאגישער פערשטאנד.

sound'ness *n.* (סאונד'־נעס) געזונדקייט; שטארקייט; גרינדליכקייט; ריכטיגקייט.

sound on the goose (סאונד אן טהי גוהס) ארטאדאקסאל אין מיינונגען און אנזיכטען; וואס האלט זיך פעסט פאר דאס אלגעמיין־אנגענומענע; בלינד איבערגעגעבען צו א פארטיי און צו איהרע פרינציפען.

sound'-post *n.* (סאונד'־פאוסט) ז. *sounding-post*.

sound'-proof *a.* (סאונד'־פרוהף) וואס לאזט ניט דורך קיין קלאנג; וואס א קלאנג קען דורך דעם ניט דורכדרינגען.

sound'-radiom'eter *n.* (סאונד'־ריי־די־אמ'־ע־טער) אן אפאראט וואס בעווייזט די מעכאנישע ווירקונג פון קלאנג־וועלען.

sound'-reg'ister *n.* (סאונד'־רעדזש'־איס־טער) אן אפאראט צו פערצייכנען די טענער פון א זינגענדער שטימע אדער פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט.

sound the alarm' (סאונד טהי ע־לארם') קלאפען טרעוואגע; שטורם בלאזען.

sound to horse (סאונד טו האהרס) געבען א סיגנאל מען זאל זאטלען אדער זיך זעצען אויף די פערד.

sound'-wave *n.* (סאונד'־הוועיוו) א קלאנג־וועלע.

soup *n.* (סוהפ) זופ, יויך.

soupçon' *n.* (סוהפ־סאהן') א ביסעלע, א טראפעלע.

The patient was given a glass of water with a **soupçon** of brandy.

soup'-dish *n.* (סוהפ'־דיש) א זופ־שיסעל.

soup'-kitch'en *n.* (סוהפ'־קיטש'־ען) א זופ־קיך, א פאלקס־קיך [א קיך פאר ארימע לייט צו קריגען זופ אהן געלד].

soup'-la'dle *n.* (סוהפ'־ליי'־דל) א זופ־לעפעל, א קאך־לעפעל.

soup'-mai'gre *n.* (סוהפ'־מיי'־גער) אזא שיטערע זופ געקאכט מיט גרינסען אדער פיש.

soup'-meat *n.* (סוהפ'־מיעט) זופען־פלייש.

soup'-plate *n.* (סוהפ'־פלייט) א זופ־שיסעל, א זופ־טעלער.

soup'-tick'et *n.* (סוהפ'־טיק'־עט) א בילעט צו קריגען אומזיסט זופ אין א פאלקס־קיך.

sou'py *a.* (סוה'־פי) ווי זופ.

sour *a., adv., n. and v.* (סאור) זויער; בייז; שטרענג, אונפריינדליך; אין כעס, פערביטערט; נאס און קאלט [וועגען אונפרוכטבארער ערד]; א זויערע זאך; עטוואס זויערעס אדער אונאנגענעהמעס; זויער מאכען; זויער ווערען; בייז ווערען, ערביטערט ווערען; בייז מאכען, ערביטערען; ווערען נאס און קאלט [וועגען אונפרוכטבארער ערד]; מאכען נאס און קאלט אדער אונפרוכטבאר [וועגען ערד].

source *n.* (סאורס) א קוועלע, א קוואל; דער מקור, דער שרש, דער אורשפרונג.

sour'-crout *n.* (סאור'־קראוט) ז. *sauer-kraut*.

sour'det *n.* (סוהר'־דעט) ז. *sordine*.

sourdine' *n.* (סוהר־דין') ז. *sordine*.

sour'-eyed *a.* (סאור'־איד) מיט א זויערען בליק; וואס קוקט אויס בייז.

sour grapes (סאור גרייפס) זאכען וועלכע מען מאכט כלומר'שט פאר ווערטהלאז ווייל מען קען זיי ניט ערגרייכען [לויט דעם משל פון דעם פוקס וואס האט ניט געקענט ערגרייכען די ווינטרויבען, האט ער געזאגט, אז זיי זיינען זויער].

sour'ing *n.* (סאור'־אינג) דאס ווערען זויער אדער מאכען זויער; דאס וואס מאכט זויער; דאס זויערען [א כעמישער פראצעס אין בלייכען לייוונט].

sour'ish *a.* (סאור'־איש) זויערליך.

sour'-krout *n.* (סאור'־קראוט) ז. *sauer-kraut*.

sour'ly *adv.* (סאור'־לי) זויער; בייז.

sour'ness *n.* (סאור'־נעס) זויערקייט; בייזקייט; פערביטערטקייט.

sour'-sop *n.* (סאור'־סאפ) דער פלאשען־בוים [א קליינער וועסט־אינדישער בוים]; די פרוכט פון דעם פלאשען־בוים [אזא גרויסע, זאפטיגע און זויערליכע פרוכט].

Sour-sop

sous *n.* (סוה) ז. *sou*.

souse *n., v. and adv.* (סאוס) מארינאט אדער פעקעל זופ; סאוס; געפעקעלטעס אדער מארינירטעס; געפעקעלטע חזיר'שע אויערען און פיס; א פלעצליכער האסטיגער אנפאל אדער אנגריף; א שטורץ; אן ארויפפאל, אן ארויפווארף; א שטויס, א קלאפ, א פאטש; דאס אונטערטונקען אין וואסער, אן אונטערטונקונג; איינטונקען אין מארינאט־זופ; איינפעקלען, איינמארינירען; איינטונקען אין וואסער אדער אין אן אנדער פליסיגקייט; בעגיסען; גיסען; שטירצען; פלוצים זיך א ווארף טהאן אויף...; אנפאלען; שטויסען, א קלאפ טהאן; מיט א פלעצליכען ווארף אראב, מיט א פלעצליכען שטויס אראב.

sous'lik *n.* (סוהס'־ליק) א סוסליק, אן ערד־וועווערקע [אזא קליין גריזשענדעס חיה'לע וואס האלט זיך געוועהנליך אויף אין תבואה־פעלדער און פעראורזאכט זעהר פיעל שאדען].

souterrain' *n.* (סוה־טע־ריין') א הייל; א קעלער.

south *n., a., adv. and v.* (סאוטה) דרום, זיד, זיד־זייט, דרום־זייט; דער דרום־ווינד; זידליך, דרום־זייטיג, צום זידען, אין דרום־זייט; פון דרום; זיך בעוועגען נאך דרום; אין אסטראנאמיע — קרייצען אירגענדוואו דעם מערידיאן [וועגען א פלאנעט].

South *n.* (סאוטה) די דרום־שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

south'east' *n., a. and adv.* (סאוטה'־איעסט') דער זיד־אסט [די געגענד וואס איז צווישען דרום און מזרח]; דרומית־מזרחית; צווישען דרום־זייט און מזרח־זייט; צום אדער פון זיד־אסט.

south'eas'ter *n.* (סאוטה'־איעס'־טער) א זיד־אסטליכער ווינד אדער שטורם.

south'eas'terly *a. and adv.* (סאוטה'־איעס'־טער־לי) זיד־אסטליך; וואס ליעגט אין זיד־אסט, וואס געהט צו זיד־אסט, וואס קומט פון זיד־אסט; צום אדער פון זיד־אסט.

south'eas'tern *a.* (סאוטה'־איעס'־טערן) זיד־אסטליך, וואס ליעגט אין זיד־אסט.

south'east'ward *adv.* (סאוטה'־איעסט'־הווארד) צום זיד־אסט צו.

south'east'wardly *adv.* (סאוטה'־איעסט'־הווארד־לי) ז. *southeastward*.

sou'ther *n. and v.* (סאו'־טהער) א דרום־ווינד; זיך ווענדען צו דרום צו [וועגען א ווינד אדער לופט־וועלע].

south'erliness *n.* (סאטה'־ער־לי־נעס) זידליכקייט, דאס זיין זידליך.

south'erly *a., adv. and n.* (סאטה'־ער־לי) זידליך, וואס ליעגט אין זידען [דרום], וואס קומט פון דרום; צו דרום צו; די לאנג־עקיגע ענטעל [ז. *south-southerly*].

south'ermost *a.* (סאטה'־ער־מאוסט) ז. *southernmost*.

south'ern *a. and n.* (סאטה'־ערן) זידליך, דרומ'דיג; פון דרום; א געבארענער אדער איינוואהנער פון דרום.

south'erner *n.* (סאטה'־ער־נער) אן איינוואהנער פון די זידליכע געגענדען; אן איינוואהנער פון די זיד־שטאאטען פון נארד־אמעריקא.

south'ern hem'isphere (סאטה'־ערן העמ'־אי־ספיער) די זידליכע העלפט פון דעם ערד־קוגעל.

south'ernism *n.* (סאטה'־ערן־איזם) א ווארט אדער אויסדרוק וואס איז אייגענטימליך פאר די זידליכע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

south'ernize *v.* (סאטה'־ערן־איז) פערזידליכען, איינפלאנצען די אידעען אדער די אייגענשאפטען פון דעם זידען; פערזידליכט ווערען, דורכגעדרונגען ווערען מיט די אידעען אדער אייגענשאפטען פון זידען.

south'ernmost *a.* (סאטה'־ערן־מאוסט) זידליכסט, אין סאמע זיד־זייט, אין סאמע דרום־זייט.

South'ern States (סאטה'־ערן סטייטס) די זידליכע שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [בעזאנדערס די שטאאטען אין וועלכע עס האט געהערשט נעגער־שקלאפעריי].

south'ernwood *n.* (סאטה'־ערן־וואוד) אזא שטרויך־בוימעל מיט זעהר שעהנע בלעטער, וועלכעס גיט ארויס פון זיך זעהר אן אנגענעהמען ריח.

sou'thing *n.* (סאו'־טהינג) די זידליכע ריכטונג, די ווענדונג צו דרום־זייט; די צייט ווען די לבנה אדער אן אנדער הימעלס־קערפער געהט דורך דעם מערידיאן אין וועלכען עס איז פלאץ; דער מרחק אדער די שטרעקע פון א הימעלס־קערפער אין דרום־זייט פון עקוואטאר; דער מרחק אדער שטרעקע זידליך געמאסטען פון א מערידיאן.

south'land *n. and a.* (סאוטה'־לענד) דאס זיד־לאנד; א לאנד אין דרום; זידלענדיש.

south'ly *adv.* (סאוטה'-לי) זידליך, צו דרום צו

south'most *a.* (סאוטה'-מאוסט) אם זיד-ליכסטען; אין דער ווייטסטער ריכטונג צו דרום צו.

south pole (סאוטה פאול) דער זיד-פאָל.

south'ron *n. and a.* (סאוטה'-ראָן) א זידלענדער, אן איינוואוהנער פון די זיד-ליכע געגענדען פון א לאנד; זידליך, פון דרום.

south'-see'king *a.* (סאוטה'-סיע'-קינג) וואס בעוועגט זיך אדער ווענדעט זיך צו דרום-זייט [ווי דער ענד פון א מאגנעט-נאדעל].

south'-south'erly *n.* -(סאוטה'-סאטה'-ער-לי) די לאנג-קיגע ענטעל [אזא קאטשקע מיט א לאנגען עק].

south'ward *a., adv. and n.* -(סאוטה'-הווארד) זידליך, דרום-זייטיג; צום זידען, אין דרום-זייט; דער דרום, די זידליכע געגענד, די דרום-זייט; דער זידליכער ענד.

south'wardly *a. and adv.* -(סאוטה'-הווארד-לי) זידליך, דרום-זייטיג; צום זי-דען, קיין דרום-זייט.

south'wards *adv.* (סאוטה'-הווארדז) צו דרום צו, אין דער זידליכער ריכטונג.

south'west' *n., a. and adv.* -(סאוטה'-הוועסט') זיד-וועסט, די געגענד אדער דער פונקט צווישען דרום-זייט און מערב-זייט; א זיד-וועסט ווינד; דרומית-מערבית; פון זיד-וועסט; צום זיד-וועסט, קיין זיד-וועסט.

south'wes'ter *n.* (סאוטה'-הוועס'-טער) א זיד-וועסט ווינד; א שטורם-קאפע [א הוט וואס איז געמאכט פון א וואסער-דיכטען שטאף מיט א ברייטען ראנד פון הינטען צו בעשיצען דעם האלז פון רע-גען, ווי דאס טראגען די פישער אדער אנדערע זעע-לייט].

south'wes'terly *a. and adv.* -(סאוטה'-הוועס'-טער-לי) זיד-וועסטליך; וואס קומט פון זיד-וועסט; צו זיד-וועסט, אין א זיד-וועסטליכער ריכטונג.

south'wes'tern *a.* -(סאוטה'-הוועס'-טערן) זיד-וועסטליך; פון זיד-וועסט; וואס איז געריכטעט צו זיד-וועסט.

south'west'ward *a. and adv.* (סאוטה'-הוועסט'-הווארד) זיד-וועסטליך; צו זיד-וועסט צו.

south'west'wardly *adv.* -(סאוטה'-הוועסט'-הווארד-לי) צו זיד-וועסט צו.

souvenir' *n.* (סוה-ווע-ניער') א סו-ווניר, אן עראינערונגס-צייכען, אן אנ-דענקונגס-צייכען.

sou''wes'ter *n.* (סאו'-הוועס'-טער) א פערקירצונג פון *southwester*

sov'ereign *a. and n.* (סאוו'-ע-ריין) סוּאווערען, אונבעשרענקט, וואס האט די העכסטע מאכט; אלערהעכסט; קעניגליך, פרינצליך; בעפעהלענד; גרויסארטיג, אויסגעצייכענט; העכסט ווירקזאם [ווע-גען מעדיצין]; א הערשער, א בעפעהלער; א מאנארך, א קעניג, א קייזער; א קע-ניגין, א קייזערין; א סאווריין [אן ענג-לישע גאָלדענע מטבע פון 1 פונט אדער 20 שילינג וואס האט דעם ווערטה פון אמע-ריקאנער 4 דאלאר און 84 סענט]

sov'ereignly *adv.* (סאוו'-ע-ריין-לי) אין העכסטען גראד; אויסערארדענטליך; מיט אונבעשרענקטקייט; אזוי ווי א סוּאַ-ווערען צדער הערשער.

sov'ereign pow'er (סאוו'-ע-ריין פאו'-ער) די אלערהעכסטע מאכט אין א לאנד.

sov'ereign rem'edy (סאוו'-ע-ריין רעמ'-ע-די) אן אויסגעצייכענטע רפואה.

sov'ereign state (סאוו'-ע-ריין סטייט) א סוּאווערענער שטאאט, אן אונאבהענגי-גער שטאאט.

sov'ereignty *n.* (סאוו'-ע-ריין-טי) סוּאווערעניטעט, אויבערהערשאפט; די העכסטע מאכט; די אונבעשרענקטקייט; די העכסטע ווירקזאמקייט אדער הייל-קראפט [פון א מעדיצינישען מיטעל].

sov'ran *a. and n.* (סאוו'-רען) ז. *sovereign*.

sow *v.* (סאו) פערשפרייטען, (סאו) זייהען; פערברייטען; בעזייהען, בעשטרייען; בע-שפרענקלען.

sow *n. and a.* (סאו) א חזיר'טע, א נקבה פון א חזיר; א חזיר-לויז; א קא-נאל אדער רינע דורך וועלכער עס פליסט דאס געשמאלצענע מעטאל פון שמעלץ-אויוועץ אין די גרויסע פורעמס, וואו עס ווערען אבגעגאסען גרויסע קלומפען; א גרויסעס אונפערמיגעס שטיק גוס-מעטאל; אזא בעוועגליכער שוץ-דאך וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען פאר מיליטערישע צוועקען; א בעוועגליכער שוץ-דאך וואס קויהלען-גרעבער אדער בערג-ארבייטער בע-נוצען; ווייבליך [בעזאנדערס וועגען פיש].

sow'back *n.* (סאו'-בעק) א נידריגער און עטוואס שארפער רוקען פון א בערגעל פון אנגעשאטענעם זאמד אדער שטיינדלעך.

sow'bane *n.* (סאו'-ביין) דער מויער-גענזען-פוס [אזא פלאנצע וואס ווערט גע-האלטען אלס זעהר שעדליך פאר חזירים].

sow'bread *n.* (סאו'-ברעד) שוויינען-ברויט [אזא בלומען-פלאנצע, וועלכע ווערט געגען געגעסען פון חזירים].

sow'-bug *n.* (סאו'-באג) א שוויין-לויז. ז. *hog-louse*.

sow'er *n.* (סאו'-ער) א זייהער, א זייה-מאשין; איינער וואס זייהט; א פער-שפרייטער, א פערברייטער.

sow'-gel'der *n.* (סאו'-געל'-דער) איי-נער וואס מאכט א חזיר'טע אונפרוכטבאר, צו פערבעסערען איהר פלייש און מאכען זי פעטער.

sow'ing *n.* (סאו'-אינג) דאס זייהען; דאס געזייהטע; דאס פערשפרייטען, דאס פערברייטען.

sow'ing-machine' *n.* -(סאו'-אינג-מע-שין') א זייה-מאשין.

sown (סאון) געזייהט; פערשפרייט. ז. *sow*.

sow one's wild oats (סאו הוואנז הוואילד אוטס) שטארק א לעב טהאן אין די יונגע יאהרען, הולטאיעווען אין דער יוגענד.

sow'skin *n.* (סאו'-סקין) חזיר-לעדער.

sow the sand (סאו טהי סענד) זייהען אין זאמד, טהאן אן אוננוציגע ארבייט.

sow'-this'tle *n.* (סאו'-טהיס'ל) די שוויין-דיסטעל [אזא ווילדע פעלד-פלאנ-צע, וועלכע האט אין זיך א מילך-זאפט און אויף וועלכער עס וואקסען קליינע געלבע בלומען-קעפלעך].

soy *n.* (סאי) סאיא-באב; סאוס פאר פיש אדער פלייש געמאכט פון סאיא-באב.

soy'-bean *n.* (סאי'-ביען) סאיא-באב [אזא פלאנצע אין יאפאן און נארד-אינ-דיען, אויף וועלכער עס וואקסט א מין באב, וואס ווערט פיעל געברויכט אין שפייזען און פון וועלכע עס ווערט אויך פאבריצירט אויל].

soz'zle *v. and n.* (סאזל) פערשלומפע-רען; בעשפריצען מיט בלאטע, פערפאטש-קען; א מישמאש, א שלומפעריי, א חזיר'שע אונארדנונג.

soz'zly *a.* (סאז'-לי) פערשלומפערט; נאכלעסיג, אבגעלאזען.

Sp. אן אבקירצונג פון *Spanish*

S. P. ראשי תבות פון *Socialist party*

spa *n.* (ספא) א מינעראל-קוועלע, א קוועלע פון מינעראל-וואסער.

space *n. and v.* (ספייס) דער רוים; דער שטח, די אויסדעהנונג; דער אב-שטאנד, דער מרחק אדער דיסטאנץ צווי-שען צווי געגענשטענדע; דער צווישען-רוים; א צייט-רוים, די צייט-דויער צווי-שען איין פאסירונג און א צווייטער; א קורצע ווייל'ע, א מאמענט; א פאסענדע געלעגענהייט; אין דרו-קעריי — א שפאצע [א בליי-שטיקעל וואס ווערט אריינגע-שטעלט צווישען די בוכשטאבען אין דרוק-שריפט]; דער רוים צווישען די גאטען-ליניען; צו-שפאצען [מאכען ליידיג ארט צווישען בוכשטאבען אין דרוק-שריפט].

Space-band

space'-band *n.* -(ספייס'-בענד) די שפאצע, אזא שטא-לענער קליין, וואס שטעלט זיך אריין צווישען די מאטריצען [די פורמס פאר די בוכשטאבען אין א שריפטגיס-מאשין].

space'ful *a.* (ספייס'-פול) ברייט, אוים-געדעהנט; מיט א ברייטען שטח.

space'less *a.* (ספייס'-לעס) אהן רוים.

space'-line *n.* (ספייס'-לאין) א דורכ-שוס-ליניע אדער שפאנע [א דין בליי-בלעכעל, וואס ווערט אריינגעשטעלט צווי-שען די שורות פון שריפט-זאץ, כדי צו מאכען זיי שיטערער].

space of time (ספייס אוו טאים) א געוויסע צייט-דויער

space'-percep'tion *n.* -(ספייס'-פער-סעפ'-שאן) דאס בעגרייפען אדער בענעה-מען דעם רוים [ד. ה. די קערפער אין זייער אויסדעהנונג און בעוועגונג].

space'-rela'tion *n.* -(ספייס'-רי-ליי'-שאן) דאס רוים-פערהעלטניס.

space'-rule *n.* (ספייס'-רוהל) אין דרו-קעריי — א דין בליי-בלעכעל, אויף וועל-כען עס דרוקט זיך אב א ליניע.

space'-wri'ter *n.* (ספייס'-ראי'-טער) א שרייבער אין א צייטונג אדער זשור-נאל, וועלכער בעקומט געצאהלט לויט דעם פלאץ וואס זיין ארטיקעל פערנעהמט [לויט דער צאהל צייטונגס-שפאלטען, שורות אדער ווערטער].

space'-wri'ting *n.* (ספייס'-ראי'-טינג) די סיסטעם פון בעצאהלען א שרייבער לויט דעם פלאץ וואס זיין ארטיקעל פער-נעהמט אין צייטונג אדער זשורנאל [לויט דער צאהל שפאלטען, שורות אדער ווער-טער].

spa'cial *a.* (ספיי'-שעל) ז. *spatial*.

spa'cing *n.* (ספיי'-סינג) דאס פאנאנדער-שפאצען, דאס מאכען ליידיג ארט צווי-שען בוכשטאבען אדער ווערטער אין דרוק-שריפט; דאס צוטיילען א שטח אדער אויבערפלעכע אין בעזונדערע טיילען.

spa'cious *a.* (ספיי'-שאס) גערעם, ברייט.

spa'ciously *adv.* (ספיי'-שאס-לי) אויף א ברייטען, גערואמען שטייגער.

spa'ciousness *n.* (ספיי'-שאס-נעס) גערעמקייט, ברייטקייט.

spad'assin *n.* (ספעד'-ע-סין) איינער וואס קען גוט פעכטען מיט א שווערד.

spade *n. and v.* (ספייד) א רידעל, א לאפעטע, א גראב=אייזען; פיק אדער גרין [אין קארטען]; א סרים, א יעוונוך [א קאסטרירטער מאנסביל]; א קאסטרירטע בהמה אדער חיה; גראבען מיט א רידעל אדער גראב=אייזען.

spade'-farm *n.* (ספייד'-פארם) לאַנד וואס ווערט בעארבייטעט מיט א רידעל אדער גראב=אייזען.

spade'ful *n.* (ספייד'-פול) א פולע לא= פעטע אדער רידעל [וויפיעל מען קען אננעהמען מיט א לאפעטע אדער רידעל].

spade'-han'dle *n.* (ספייד'-העג'דל) דאס הענטעל פון א לאפעטע אדער רי= דעל.

spade'-hus'bandry *n.* -ספייד'-האז') בענד-רי) דאס בעארבייטען די ערד מיט א לאפעטע אדער רידעל אנשטאט אז אקער=אייזען.

spa'der *n.* (ספיי'-דער) איינער אדער עפעס וואס גראבט; א גראב=מאשין.

spadi'ceous *a.* (ספע-דיש'-יאס) אין באטאניק — ווי א בליטהען=קאלבע.

ז. *spadix*

spadil'io *n.* (ספע-דיל'-יאָ)

ז. *spadille*

spadille' *n.* (ספע-דיל') די שפאדילע, די טויז פיק אדער גרין [אין געוויסע קארטען=שפיעלען].

spa'dix *n.* (ספיי'-דיקס) אין באטא= ניק — די בליטהען=קאלבע, א בליהונגס= פארם פון געוויסע פלאנצען, וואו די בלי= טהען זיינען צוזאמענגעזעצט אין איין קע= פעל מיט א דיקען בלומען=אקס.

spado'ne *n.* (ספע-דאו'-נע) אזא גרוי= סע שווערד מיט א ברייטען קלינג.

spaghet'ti *n.* (ספע-געט'-טי) אזא זארט איטאליעניש לאקשען אדער מאקאראָנען.

spa'hee *n.* (ספא'-היע) א טערקישער קאוואלעריסט; א קאוואלעריסט פון דעם פראנצויזישען מיליטער אין אלזשיר.

spall *v. and n.* (ספאהל) צושפאלטען אויף שטיקער; א שפאן; א שפליטער.

spalt *v. and n.* (ספאהלט) אבשפאלטען; אזא ווייסער מינעראל וואס שפאלט זיך אויף בלעטלעך.

span *n. and v.* (ספען) א שפאן, די שטרעקע צווישען דעם אויסגעצויגענעם גראבען פינגער און דעם מיזינעק [דער קליינער פינגער] פון דער האנד; א קליי= נע שטרעקע; א קליינער אינטערוואל; אין ארכיטעקטור — די שטרעקע צווי= שען די זיילען וואס שטיצען אונטער אן ארקע; א געשפאן פון א פאר פערד וואס זיינען עהנליך צווישען זיך לויט זייער קאליר און גרויס; א געשפאן פון צווי= אדער עטליכע אקסען; דאס וואס פער= בינדט אדער ציהט צוזאמען; א פענטע פון א פערד; מעסטען מיט'ן שפאן; אויס= ציהען פון איין פונקט ביז'ן צווייטען; צוזאמענציהען, צוזאמענבינדען; צופאסען איינעם צום צווייטען [ווענען א פאר פערד]; שפאנען, געהן פארווערטס טריט= ווייז; איינשפאנען [ווי א פערד אין א קארעט].

spanæ'mia *n.* (ספע-ניע'-מי-א)

ז. *spanemia*

span'drel *n.* (ספען'-דרעל) אין ארכי= טעקטור — דער דריי=עק וואס בילדעט זיך אוים צווישען דער אויבערשטער האָרי= זאנטאלער ליניע פון דער וואנד און ביי= דע געגענזייטיגע בויגענס פון צוויי אר= קען.



Spandrel

spane'mia *n.* (ספע-ניע'-מי-א) בלוט= ארעמקייט; שיטערקייט פון בלוט; דאס האבען צופיעל וואסער אין בלוט.

ז. *hydremia*

span'gle *n. and v.* (ספענגל) א פלימע= רעל, א בלישטשענדעס שטיקעל מעטאל; בעפלימערען, בעשיטען מיט פלימערלעך; בעשפרענקלען; בעזעצען, בעציערען [מיט פלימערלעך].

span'gled *a.* (ספענגלד) בעפוצט מיט פלימערלעך, בעשפרענקעלט, בעשאטען מיט בלישטשענדע שטיקעלעך מעטאל.

span'gled skies (ספענגלד סקייז) די אויסגעשטערנטע הימלען.

span'gler *n.* (ספענ'-גלער) איינער וואס בעציערט אדער בעפוצט עפעס מיט פלי= מערלעך.

span'gly *a.* (ספענ'-גלי) וואס בליש= טשעט ווי מיט פלימערלעך.

Span'iard *n.* (ספענ'-יארד) א שפא= ניער, איינער פון שפאניען.

span'iel *n. and a.* (ספענ'-יעל) דער וואכטעל=הונד [א געוועהנליכער הויז= הונד מיט לאנגע ווייכע און געקרייזעלטע האר, מיט לאנגע אראבהענגענדע אויע= רען און מיט אן עק בעוואקסען מיט לאנ= גע האר]; א שמייכלער, א חונף, אן אונ= טערלעקער; שמייכלעריש; אונטערלעקענד.

Span'iolize *v.* (ספענ'-אי-א-לאיז)

ז. *Hispaniolize*

Span'ish *a. and n.* (ספענ'-איש) שפא= ניש; וואס איז שייך צו שפאניען אדער צו די שפאניער; די שפאנישע שפראך.

Span'ish bay'onet -ספענ'-איש ביי') א-נעט) אן ארט דרום=אמעריקאנישע פאל= מען=עהנליכע פלאנצע מיט לאנגע שווער= דען=פערמיגע בלעטער.

Spanish Bayonet

Span'ish dag'ger -ספענ'-איש דעג') (ער ז. *Spanish bayonet*

Span'ish fly (ספענ'-איש פלאי) א שפאנישע פליעג [אזא פליעג וואס ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס אן אנריי= סענדער פלאסטער].

Span'ish main (ספענ'-איש מיין) דער צפון=מזרח'דיגער ברעג פון דרום=אמעריקא צווישען פאנאמא און דעם אויסגוס פון דעם טייך אָרינאָקאָ.

Span'ish pota'to -ספענ'-איש פא) טיי'-טאו) ז. *sweet-potato*

spank *v. and n.* (ספענק) [מיט קלאפען דער האנד=פלעכע]; פליאסקען; פאטשען אין תחת; שמייסען; טרייבען; זיך יא= גען; זיך טראגען געשווינד; א פאטש אין תחת.

span'ker *n.* (ספענ'-קער) איינער וואס געהט מיט גרויסע שנעלע טריט; א שנעל= לויפענדעס פערד, א ריסאק; עפעס זעהר גרויסעס; עפעס וואס האט אן אונגעוועהנ= ליכע מאס; דאס ביזאן=זעגעל [איינס פון די זעגלען אויף א שיף].

span'king *a. and n.* (ספענ'-קינג) זעהר גרויס, אנזעהנליך; מיט גרויסע שנעלע טריט; דאס פליאסקען, דאס פאטשען מיט דער האנד=פלעכע [ראלאניע].

span'less *a.* (ספענ'-לעס) וואס קען ניט געמאסטען ווערען מיט'ן שפאן.

span'-long *a.* (ספענ'-לאהנג) וואס איז א שפאן לאנג.

span'ner *n.* (ספענ'-ער) אן אינסטרו= מענט אדער געצייג צום אנציהען אדער צו האלטען אנגעצויגען אדער געשפאנט; א קוועה=באלקען, א שפאן=באלקען; א שרויפען=ציהער אדער שרויפען=שליסעל; א שפאן=ווארם [א ווארם וואס בעוועגט זיך פארווערטס איינציהענדיג זיך און אויסציהענדיג זיך ווי שפאנענדיג. ז. *spanworm*].

span'-new *a.* (ספענ'-ניו) שפאגעל=נייע.

span'worm *n.* (ספענ'-הוואירם) א שפאן=ווארם [איינער פון די אינזעקטען= לארווען, וועלכע בעוועגען זיך פארווערטס איינציהענדיג זיך און אויסציהענדיג זיך ווי שפאנענדיג].

Spanworm

spar *n. and v.* (ספאר) [א שפאט דער גלאז=ארטיגער קריסטאל=פערמיגער מינע= ראל]; דער ספאר [אזא ווייסער פיש פון אטלאנטישען אקעאן]; אויף א שיף — א רונדער באלקען וואס דיענט פאר א מאסט אדער פאר א ראהע [דער קוועה=הענגענ= דער באלקען, צו וועלכען עס איז צוגע= פעסטיגט א זעגעל] א. ד. ג.; די איבונג אין באקסער אדער פויסטען=קאמפף; באק= סירען, זיך שלאגען מיט די פויסטען [אין א וועט=קאמפף]; זיך צאנקען, זיך קריג= גען; זיך שלאגען [ווי העהנער מיט די שפארען]; בעזארגען א שיף מיט רונדע באלקענס פאר מאסטען אדער ראהען.

spar'able *n.* (ספער'-עבל) א מין טשוועק= לעך אהן קעפלעך, מיט וועלכע מען שלאגט אן זוילען אדער פאדעשוועס אויף שיך.

spar'adrap *n.* (ספער'-ע-דרעפ) אין מעדיצין — א לייוונטענער אדער פאפיע= רענער פלאסטער.

spare *v., a. and n.* (ספעהר) .1 שפארען, ערשפארען, אבשפארען; לעבען קארג; .2 שוינען; .3 שפארזאם; .4 גענוגזאם; מאגער; .5 איבריג; אנגעגרייט, זאפאסנע; .6 דאס שפארען, שפארזאמקייט; .7 אין קעגעל־שפיעל — דאס אנידערווארפען אלע קעגעל דורך דעם ראלען פון צוויי באלען.
2. **Spare** the rod and spoil the child. 4. He ate a **spare** breakfast in our cottage. 5. We have a **spare** room for guests.

spare for (ספעהר פאר) אבשפארען, פערהיטען, זשאלעווען [צוליעב עפעם].

spare for noth'ing (ספעהר פאר נאטה'-אינג) אויף קיין זאך ניט קארגען; גאר גישט זשאלעווען.

spare'ly *adv.* (ספעהר'-לי) קארגליך.

spare'-mast *n.* (ספעהר'-מעסט) א רעזערוו־מאסט [אויף א שיף].

spare'ness *n.* (ספעהר'-נעס) מאגערקייט; קנאפקייט.

spar'er *n.* (ספעהר'-ער) א שפארער; א גוטער עקאנאם.

spargano'sis *n.* (ספאר-גע-נאו'-סיס) ז. *spargosis*.

sparge *v.* (ספארדזש) בעשפרענקלען, בעשפריצען.

spargefac'tion *n.* (ספאר-דזשי-פעק'-שאן) דאס בעשפרענקלען, דאס בעשפריצען.

spar'ger *n.* (ספאר'-דזשער) א שפריצער [ווי צו בעשפריצען פאפיער, קליידער ד. ד. ג.].

spargo'sis *n.* (ספאר-גאו'-סיס) אין פאטאלאגיע — אן אויפשוועלונג פון די בריסט מיט מילך.

spar'ing *a. and n.* (ספעהר'-אינג) שפארזאם, גענוגזאם; קנאפ; קארג; שפארזאמקייט, קארגשאפט.

spar'ingly *adv.* (ספעהר'-אינג-לי) קארגענדיג; אויף א קארגען, קנאפען שטייגער.

spar'ingness *n.* (ספעהר'-אינג-נעס) שפארזאמקייט; קארגקייט.

spark *n. and v.* (ספארק) א פונק; א דימענטעל [אין אן איינפאסונג]; א לעבעדיגער, לוסטיגער יונג; א פראנט, א גאלאנטער קאוואליער; פונקען, שפריצען מיט פונקען, ארויסלאזען פונקען; אוכאזשעווען, זיך שדכנ'ען; פראנטעווען, ארויסשטעלען זיך פאר א גאלאנטען קאוואליער.

spar'kish *a.* (ספאר'-קיש) מונטער, לעבעדיג; געפוצט, פראנטיש.

spar'kle *n. and v.* (ספארקל) א פונק; דאס פינקלען; פונקען, פינקלען; גלענצען.

spark'ler *n.* (ספארק'-לער) איינער אדער עפעס וואס פינקעלט אדער שיינט.

spark'less *a.* (ספארק'-לעס) אהן פונקען; וואס לאזט ניט ארויס קיין פונקען.

spark'lessly *adv.* (ספארק'-לעס-לי) ניט ארויסלאזענדיג קיין פונקען.

spark'ling *a.* (ספארק'-לינג) פינקלענד, גלענצענד; שוימענד, וואס שוימט [ווי וויין].

spark'ling champagne' (ספארק'-לינג שעמ-פיין') שוימענדער שאמפאניער.

spark'lingly *adv.* (ספארק'-לינג-לי) פינקלענדיג; מיט גלאנץ.

spark'lingness *n.* (ספארק'-לינג-נעס) פינקעלדיגקייט, גלאנץ.

sparks of wit (ספארקס אוו הוויט) וויציגע איינפעלע.

spar'ling *n.* (ספאר'-לינג) א סטינט, א סטינקע [אזא קליין פישעל].

spar'rer *n.* (ספאר'-ער) א באקסער, א פויסטען־שלעגער [אין וועט־קאמפף].

spar'row *n.* (ספער'-או) א שפערלינג, א וואראבײטשיק.

Sparrow

spar'row-grass *n.* (ספער'-או-גרעס) ז. *asparagus*.

spar'row-hawk *n.* (ספער'-או-האהק) א קליינער פאלק־פויגעל אדער סאקאל, וואס ערנעהרט זיך מיט קליינע פויגעלעך, ווי שפערלינגע א. ד. ג.

spar'row-tail *n. and a.* (ספער'-או-טייל) ז. *swallowtail*.

spar'ry *a.* (ספאר'-אי) שפאט־פערמיג. ז. *spathose*.

sparse *a.* (ספארס) שיטער, צושפרייט, פאנאנדערגעווארפען.

sparse'ly *adv.* (ספארס'-לי) אויף א שיטערען, צושפרייטען אדער פאנאנדערגעווארפענעם שטייגער.

sparse'ness *n.* (ספארס'-נעס) שיטערקייט, צושפרייטקייט, פאנאנדערגעווארפענקייט.

spar'sity *n.* (ספאר'-סי-טי) שיטערקייט, צושפרייטקייט.

Spar'tan *a. and n.* (ספאר'-טען) ספארטאניש; וואס געהערט צו ספארטא [א געגענד אין פארצייטיגען גריכענלאנד]; א ספארטאנער, אן איינוואהנער פון ספארטא.

Spar'tanism *n.* (ספאר'-טענ-איזם) ספארטאניזם, ספארטאנישער גייסט; שטארקייט, מוטה.

spar'terie *n.* (ספאר'-טער-אי) געפלאכטענע ארבייט פון עספארטא־גראז. ז. *esparto*.

Spar'tiate *n.* (ספאר'-טי-אייט) א ספארטיאט, א ספארטאנער [אן איינוואהנער פון ספארטא].

sparve *n.* (ספארוו) א שפערלינג. ז. *sparrow*.

spasm *n.* (ספעזם) קראמפף, ספאזמען.

spasmat'ic *a.* (ספעז-מעט'-איק) ז. *spasmodic*.

spasmat'ical *a.* (ספעז מעט'-אי-קעל) ז. *spasmodic*.

spasmod'ic *a.* (ספעז-מאד'-איק) קראמפפהאפט, ספאזמיש.

spasmod'ical *a.* (ספעז-מאד'-אי-קעל) ז. *spasmodic*.

spasmod'ically *adv.* (ספעז-מאד'-אי-קעל-אי) מיט שטארקע קרעמפפען אדער ספאזמען.

spasmol'ogy *n.* (ספעז-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קראמפף אדער ספאזמען.

spas'mus *n.* (ספעס'-מאס) ז. *spasm*.

spas'tic *a.* (ספעס'-טיק) ז. *spasmodic*.

spas'tically *adv.* (ספעס'-טי-קעל-אי) מיט ספאזמען; דורך קראמפף.

spastic'ity *n.* (ספעס טיס' אי-טי) קראמפפהאפטיגקייט; דאס האבען א נייגונג צו ספאזמען.

spat *v. and n.* (ספעט) לייכט קלאפען אדער פליאסקען; שלאגען; זיך האמפערען, זיך קריעגען; ארויסווארפען רויגען אדער איקרע [וועגען א זשעלע־פיש]; בעשמוצען, בעפלעקען; א צאנקעריי, מחלוקות, קריעג; רויגען אדער איקרע [פון אן אויסטער]; א פליאסק, א לייכטער פאטש מיט דער האנד; א גרויסער רעגען־טראפען; געשפיגען [ז. *spit*].

spatch'-cock *n.* (ספעטש'-קאק) א נאר וואס געקוילעטע און געבראטענע הוהן.

spa'tha *n.* (ספיי'-טהא) א לאנגע, שווערע, צווייזייטיגע שווערד; אין באטאניק — א ברייטעס און קאלירטעס בלעטעל אויף דעם שטענגעל פון א בלום. ז. *bract*.

spathe *n.* (ספייטה) אין באטאניק — א ברייטעס און אפט קאלירטעס בלאט, וואס וויקעלט איין די בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*.

spathed *a.* (ספייטהד) אין באטאניק — וואס האט א ברייטען און אפט קאלירטען בלאט, אין וועלכען עס איז איינגעוויקעלט די בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*.

spath'ic *a.* (ספעטה'-איק) אין מינעראלאגיע — שפאטיש, עהנליך צו שפאט [וועגען מינעראלען, וואס שפאלטען זיך אויף דינע פלאטען].

spa'those *a.* (ספיי'-טהאוס) אין באטאניק — עהנליך צו דעם אויבערשטען בלאט פון דער בליטהען־קאלבע. ז. *spadix*.

spath'ose *a.* (ספעטה'-אוס) אין מינעראלאגיע — שפאט־פערמיג; וואס האט די אייגענשאפטען פון שפאט [וועגען מינעראלען, וועלכע שפאלטען זיך אויף דינע פלאטען].

spa'thous *a.* (ספיי'-טהאס) עהנליך צום אויבערשטען בלאט פון דער בליטהען־קאלבע. ז. *spathose*.

spa'tial *a.* (ספיי'-שעל) רוימליך, וואס איז שייך צו רוים אדער ארט.

spatial'ity *n.* (ספיי-שי-על'-אי-טי) רוימליכקייט; אויסגעצויגענקייט אין רוים.

spa'tially *adv.* (ספיי'-שעל-אי) בנוגע צו רוים.

spatil'omancy *n.* (ספע-טיל'-א-מענ-סי) דאס נביאות־זאגען לויט די סמנים פון צאה אדער טינוף פון חיות.

spat'ter *v. and n.* (ספעט'-ער) בעשפריצען מיט שמוץ; בעשפייען; בעפלעקען, פערלוימדען; בעשפריצט ווערען, בעפלעקט ווערען; בעשפריצונג, בעפלעקונג; דער קלאנג פון פאלענדע שפריץ־טראפענס; א שפריץ, א שפיי; א פלעק פון א שפריץ.

spat'terdashes *n.* (ספעט'-ער-דעש-עז) קאמאשען, כאליעוועס.

spat'ter-dock *n.* (ספעט'-ער-דאק) ז. *pond-lily*.

spat'terwork *n.* (ספעט'-ער-הוואירק) שפריץ־ארבייט, דאס מאכען פיגורען אויף א זאך דורך שפריצען אויף איהר א געוויסען פארב־שטאף; די זאכען וואס ווערען אויסגעארבייט אויף אזא אופן.

spat'tle *n.* (ספעטל) שפייעכץ; א קליינע לאפעטקע וואס ווערט בענוצט צו בעשמיערען א פלאסטער; אין טעפעריי — אן אינסטרומענט צו בעשפרענקלען א כלי מיט א פארבענדען שטאף.

spat'ula *n.* (ספעט'-יו-לא) א שפאטעל [אזא לעפעל־עהנליכע לאפעטקע וואס ווערט בענוצט צו שמיערען פלאסטער]; די לאפעטקע פון קוכער אדער בעקער,

מיט וועלכער ער קעהרט איבער די זאך וואס באקט זיך; אין כירורגיע — אזא לעפעל־פערמיגער אינסטרומענט ארונטער־צודריקען דעם צונג ביים אונטערזוכען אדער ביי אן אפעראציע.

spat'ulamancy *n.* (ספעט'-יו-לע-מענ-סי) דאס נביאות זאגען לויט די סמנים פון דער לאפעטקע פון א שעפס.

spat'ular *a.* (ספעט'-יו-לאר) ז. *spatulate*.

spat'ulate *a.* (ספעט'-יו-לייט) וואס האט די פארם פון א שפאטעל. ז. *spatula*.

spat'uliform *a.* (ספעט'-יו-לי-פארם) שפאטעל־פערמיג, עהנליך צו א שפאטעל. ז. *spatula*.

spav'in *n.* (ספעוו'-אין) א געשוויר אדער אנוואוקס ביי א פערד אויף'ן הינטערשטען פוס.

spav'ined *a.* (ספעוו'-אינד) מיט א מכה אויף'ן פוס [וועגען א פערד]; הינ־קעדיג.

spawl *v. and n.* (ספאהל) שפייען; שפייעכץ.

spawn *n., v. and a.* (ספאהן) רויגען אדער איקרע [פון פיש]; די אייער פון זשאבעס; די ברוט, די אויסבריהונג; ארויסלאזען איקרע אדער רויגען [וועגען דער נקבה פון פיש]; ארויסקומען; ארויס־ברייגגען, געבעהרען; וואס ענטהאלט רוי־גען אדער איקרע.

spaw'ner *n.* (ספאה'-נער) א רויגען־פיש [די נקבה פון פיש]; א בעשעפעניש וואס ווארפט אב רויגען אדער איקרע [ווי א פראש, אן אויסטער א. ד. ג.].

spaw'ning *n.* (ספאה'-נינג) דאס אב־ווארפען רויגען אדער איקרע [וועגען פיש].

spaw'ning-bed *n.* (ספאה'-נינג-בעד) אן ארט אויף'ן גרונט פון א טייך וואו פיש ווארפען אב זייערע רויגען אדער איקרע.

spay *v. and n.* (ספיי) קאסטרירען, מאכען אוים זכר, מסרס זיין; א דריי־יעהריגער הירש [א זכר].

S. P. C. A. ראשי תבות פון די ווערטער ***Society for the Prevention of Cruelty to Animals*** די צער־בעלי־חיים געזעלשאפט [א געזעלשאפט וואס גיט אכטונג אז מען זאל ניט בעהאנדלען אכזריות'דיג בהמות].

S. P. C. C. ראשי תבות פון די ווערטער ***Society for the Prevention of Cruelty to Children*** [א געזעל־שאפט וואס דערלאזט ניט קיין אכזריות'־דיגע בעהאנדלונג פון קינדער].

speak *v.* (ספיעק) רעדען, שפרעכען; האלטען א רעדע; זאגען, דערצעהלען; איבערגעבען עפעס דורך קלאנגען; קלינ־גען [פון אן ארגעל]; בילען לויט'ן בע־פעהל [וועגען א הונד]; זיך אויסדריקען מיט ווערטער; אנרופען; אויסשפרעכען.

speak'able *a.* (ספיעק'-עבל) שפרעכליך, אויסשפרעכליך, וואס לאזט זיך אוים־שפרעכען.

speak by the card (ספיעק באי טהי קארד) רעדען פינקטליך.

speak dag'gers (ספיעק דעג'-ערז) רע־דען מיט שטעך־ווערטלעך.

speak'er *n.* (ספיעק'-ער) א שפרעכער; א רעדנער; א לעהר־בוך פאר דעקלאמא־ציאנען.

Speak'er *n.* (ספיעק'-ער) דער ספיקער, דער פארזיצענדער פון פארלאמענט [אין ענגלאנד] אדער פון קאנגרעס [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

speak'ership *n.* (ספיעק'-ער-שיפ) דאס אמט פון ספיקער אין פארלאמענט. ז. *Speaker*.

speak fair (ספיעק פעהר) רעדען זים אדער פריינדליך.

speak for (ספיעק פאר) 1. רעדען פאר אימעצען אדער עפעס; 2. אנדייטען, אנ־צייגען.

2. The great number of factories in New York **speaks for** the industrial development of this city.

speak'ing *a.* (ספיעק'-אינג) 1. וואס רעדט; 2. וואס דריקט אוים.

2. This photograph is a **speaking** likeness of me.

speak'ing acquaint'ance (ספיעק'-אינג ע-קהוויינט'-ענס) ניט קיין נאהענטע בעקאנטשאפט; א פערזאן, מיט וועלכער מען איז בעקאנט נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל מען בעגריסט זיך מיט איהר פארמאל.

speak'ingly *adv.* (ספיעק'-אינג-לי) רעדענדיג; אויף א רעדענדער ארט.

speak'ing terms (ספיעק'-אינג טוירמז) א בעציהונג צווישען פערזאנען, ווען זייער בעקאנטשאפט איז נור א פארמאלע, ניט קיין נאהענטע.

speak'ing-trum'pet *n.* (ספיעק'-אינג-טראמ'-פעט) א מעגאפאן, א שפרעך־טרו־מייט [אזא טרובע, דורך וועלכער דאס קול הערט זיך שטארק]. ז. *megaphone*.

speak'ing-tube *n.* (ספיעק'-אינג-טיוב) א שפרעך־רעהר [א רעהר, דורך וועלכער מען רעדט פון איין צימער אדער פון איין עטאזש צו א צווייטען].

speak'ing-voice *n.* (ספיעק'-אינג-וואיס) דאס קול וואס ווערט געברויכט אין רעדען [אין געגענזאץ צום קול וואס ווערט געברויכט אין זינגען].

speak of (ספיעק אוו) רעדען וועגען אימעצען אדער עפעס; אנצייגען, אנדיי־טען, דערמאנען וועגען עפעס ווי וועגען א וויכטיגער זאך.

speak one's mind (ספיעק הוואנז מאינד) אויסדריקען שארף די מיינונג.

speak out (ספיעק אוט) רעדען הויך, דייטליך; רעדען אפען; אויסזאגען, אויסרעדען.

speak rid'dles (ספיעק רידלז) רעדען מיט רעטעניש; רעדען פערשטעלט.

speak to (ספיעק טו) ענטפערען פאר עפעס אדער אימעצען; אבגעבען א רעכ־נונג; בעריכטיגען, בעשטעטיגען; וואר־נען, מזהיר זיין, מוסר זאגען.

speak to the point (ספיעק טו טהי פאינט) רעדען צום פונקט, רעדען צו דער זאך.

speak up (ספיעק אפ) זיך פריי אוים־שפרעכען.

speak well for (ספיעק הוועל פאר) זיין א גוטער סמן פאר עפעס.

His achievements **speak well for** his ability.

speal'-bone *n.* (ספיעל'-באון) דאס שול־טער־בלאט, די שולטער־לאפעטקע, דער אקסעל־ביין. ז. *shoulder-blade*.

spear *n. and v.* (ספיער) א פיקע, א לאנגער שפיען; א פערזאן בעוואפענט מיט א פיקע; א הארפון [אזא פיקע צו שטעכען פיש]; דאס בלעטעל אדער שטענ־געל פון אן ארויסשפראצענדער פלאנצע [ווי פון א גראז]; שטעכען מיט א שפיען; דורכשטעכען; ארויסשפראצען מיט א בלעטעל אדער שטענגעל.

spear'er *n.* (ספיער'-ער) איינער וואס איז בעוואפענט מיט א פיקע אדער שפיען; א שטעכער, א דורכשטעכער.

spear'-fish *n.* (ספיער'-פיש) א פיש מיט א לאנגער שטאכעל־פערמיגער נאז אדער שנויץ.



Spear-fish

spear'-foot *n.* (ספיער'-פוט) דער רעכטער הינטערשטער פוס פון א פערד.

spear'-grass *n.* (ספיער'-גרעס) איינס פון די גראזען, וואס האבען שפיעזען־עהנליכע בליהונגען אדער הארטע שפיצי־גע בלעטער.

spear'-hand *n.* (ספיער'-הענד) די רעכ־טע האנד אדער די רעכטע זייט פון א קאוואלעריסט [די האנד, אין וועלכער ער האלט די פיקע].

spear'-head *n.* (ספיער'-העד) דאס קע־פעל פון א שפיען.

spear'man *n.* (ספיער'-מען) א פיקע־רייטער, א סאלדאט בעוואפענט מיט א פיקע.

spear'mint *n.* (ספיער'-מינט) די גרינע מינצע אדער מיאטע [אזא פלאנצע וואס גיט ארוים א שארפען שמעקענדען זאפט]. ז. *Mentha*.

spear'-point *n.* (ספיער'-פאינט) דער שפיץ פון א שפיען.

spec *n.* (ספעק) ז. *speculation*.

spec. פערקירצונג פון *specimen*

spe'cial *a. and n.* (ספעש'-על) ספעציעל, בעזונדער; אויסערארדענטליך, אויסער־געוועהנליך, עקסטרא; בעצייכענט אדער בעשטימט פאר א בעזונדערען צוועק; וואס בעצייכענט א בעזונדערען מין; א פערזאן אדער זאך וואס איז בעשטימט געווארען פאר א ספעציעלען צוועק.

spe'cial a'gent (ספעש'-על איי'-דזשענט) א ספעציאל־אגענט, אן אגענט וואס איז בעפאלמעכטיגט בלויז פאר א ספעציעלער אנגעלעגענהייט.

spe'cial case (ספעש'-על קיים) א גע־ריכטס־פראצעס וואס ווערט געפיהרט אויף אן אנדער שטייגער איידער א געוועהנ־ליכער געריכטס־פראצעס; א געריכטס־פראצעס, וואס ווערט געפיהרט, כדי צו בעשטימען א נייעם רעכט אדער א נייע פערנעלטונג; א משפט וואס ווערט אי־בערגעלאזען אויף דער בעשטימונג פון געריכט בנוגע צו א געוויסער רעכטס־פראגע.

spe'cial dam'ages (ספעש'-על דעמ'-ע-דזשעז) די פערגעלטונג פאר א היזק, וואס איז ניט קיין נויטיגע, אונבעדינגטע פאלגע פון ברעכען א קאנטראקט אדער פון אן אנדערער אונגעזעצליכער טהאט [ווי למשל, דער היזק וואס איינער פאדערט פאר ברעכען דעם צוזאג חתונה צו הא־בען].

spe'cial deliv'ery (ספעש'-על די-ליוו'-ער-אי) אייל־פאסט, בריעף און פא־קעטען וואס ווערען פאר א געוויסער גע־צאהלט צוגעשטעלט דורך פאסט, גלייך ווי זיי קומען דארטען אן, מיט א ספעציעלען בריעף־טרעגער, ניט ווארטענדיג אויף דער רעגולערער צייט ווען געוועהנליכע בריעף אדער פאקעטען ווערען פאנאנדער־געטראגען.

spe'cial depos'it (ספעש'-על די-פאז'-איט) אוועקגעלעגטעס געלד אין א באנק, וואס די באנק האט קיין רעכט ניט ערמים זיך צו בענוצען נאר מוז עס

האלטען אומצוקעהרען ווען עס ווערט נעפאדערט; נעלד אוועקגעלעגט אין א באנק אויף געוויסע פראצענטען אהן דעם רעכט עס ארויסצונעהמען ביםלעכווייז אויף טשעקס.

spe'cial edi'tion (ספעש'-על ע-דיש'-אן) א ספעציעלע אויסגאבע, אן עקסטראאויסגאבע [פון א צייטונג, בוך א. ז. וו.].

specialisa'tion *n.* (ספעש-על-אי-זיי'-שאן) ז. ***specialization***

spe'cialise *v.* (ספעש'-על-איז) ז. ***specialize***

spe'cialism *n.* (ספעש'-על-איזם) דאס אבגעבען זיך מיט א בעזונדערער ספעציאליטעט.

spe'cial is'sue (ספעש'-על איש'-או) א שטרייט-פראגע אין א משפט, אין וועלכען נור א טייל פון דער קלאגע ווערט אבגעלייקענט פון דעם אנגעקלאגטען; א בעזונדערע שטרייט-פראגע וואס ענטוויקעלט זיך פון דער הויפט שטרייט-פראגע.

spe'cialist *n.* (ספעש'-על-איסט) א ספעציאליסט, איינער וואס גיט זיך אב מיט א בעזונדערען טייל פון א פראפעסיאן, פון א וויסענשאפט אדער קונסט.

specialis'tic *n.* (ספעש-ע-ליס'-טיק) ספעציאליסטיש; וואס איז שייך צו א ספעציאליסט.

special'ity *n.* (ספעש-אי-על'-אי-טי) א בעזונדערער פאל, א בעזונדערער אומשטאנד; א ספעציעלע זאך; א ספעציאליטעט, א בעזונדערקייט; די ספעציעלקייט.

specializa'tion *n.* (ספעש-על-אי-זיי'-שאן) דאס ספעציאליזירען, דאס צוגעבען צו בעזונדערע טיילען פון איין גאנצעס כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען, וועלכע אונטערשיידען זיי איינע פון די אנדערע; דאס זיין ספעציאליזירט אדער אונטערגעשיידעט פון די אנדערע טיילען לויט כאראקטעריסטישע סמנים; אין ביאלאגיע — די דיפערענציאציאן, די ענדערונג אין דעם געבוי פון קערפער דורך דער צוטיילונג אין בעזונדערע ארגאנען, וועלכע האבען בעזונדערע פונקציעס.

spe'cialize *v.* (ספעש'-על-איז) ספעציאליזירען, צוגעבען צו א טייל פון א זאך כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען, וועלכע אונטערשיידען איהם פון די אנדערע טיילען; דיפערענצירען; אננעהמען א בעזונדערע ריכטונג; ווירקען אויף א ספעציעלען שטייגער.

spe'cializer *n.* (ספעש'-על-אי-זער) א ספעציאליסט, איינער וואס פערנעהמט זיך מיט א פראפעסיאן, וויסענשאפט א. ד. ג. אלס זיין ספעציאליטעט.

spe'cially *adv.* (ספעש'-על-אי) בעזאנדערס; אויסדריקליך; אויף א ספעציעלער ארט; אויף א בעזונדערען שטייגער.

spe'cial part'nership (ספעש'-על פארט'-נער-שיפ) ז. ***limited partnership***

spe'cial trust (ספעש'-על טראסט) א פערמעגען אין די הענד פון אן אפעקון מיט ספעציעלע רעכטען צו פערוואלטען דיעזען פערמעגען.

spe'cialty *n.* (ספעש'-על-טי) ספעציעלקייט, בעזונדערקייט; א בעזונדערע זאך, עפעס וואס האט א בעזונדערקייט לויט'ן כאראקטער, לויט זיין נוץ א. ד. ג.; א ספעציאליטעט, א בעזונדערער פאך; א ספעציעלער פראדוקט; א ספעציעלער קאנטראקט.

spe'cie *n.* (ספיע'-שי) א מטבע; מעטאל-געלד.

spe'cies *n.* (ספיע'-שיז) אן ארט, א גאטונג [א גרופע אינדיווידואומען, וועלכע זיינען אויף אזוי פיעל עהנליך איינע צו די אנדערע, דאס זיי קענען אבשטאמען פון איין פאר עלטערען]; אין ביאלאגישער קלאסיפיקאציאן — אן ארט [די צווישענשטופע צווישען מין אדער גענוס און אינדיווידואום]; אין לאגיק — די גאטונג [א בעגריף וואס איז אין זיך כולל די פארשטעלונג פון א סך עהנליכע אינדיווידואומען און בעציהט זיך צו א העכערען בעגריף ווי א פרט צו א כלל, ווי למשל, "איד" און "מענש"]; א מין, א זארט.

spec'ifiable *a.* (ספעס'-אי-פאי-עבל) וואס קען ספעציפיצירט ווערען; וואס קען בעשטימט ווערען אלס א בעזונדערע זאך.

specif'ic *a. and n.* (ספי-סיפ'-איק) 1. ספעציפיש, אייגענארטיג; בעזונדער, ספעציעל; 2. אייגענטימליך; 3. וואס איז שייך צו אן ארט אדער גאטונג; 4. אין מעדיצין—וואס האט א בעזונדערע קראנקהאפטע אייגענשאפט; 5. פינקטליך, בעשטימט, געננוי; 6. עפעס וואס דיענט פאר א ספעציעלען צוועק; א ספעציפישע אדער בעזונדערע זאך.

1. He made a **specific** promise to send me the book. 5. Please be **specific** about your proposition.

specif'ical *a.* (ספי-סיפ'-אי-קעל) ספעציפיש; ספעציעל; וואס איז שייך צו אן ארט אדער גאטונג.

specif'ically *adv.* (ספי-סיפ'-אי-קעל-אי) אויף א ספעציפישען, אייגענארטיגען אופן.

specifica'tion *n.* (ספעס-אי-פי-קיי'-שאן) די ספעציפיקאציאן, א גענויע אנגעבונג פון אלע פרטים [ווי אין א קאנטראקט]; א בעזונדערער פונקט פון אזא קאנטראקט; דאס מאכען ספעציפיש, אייגענארטיג אדער אייגענטימליך.

specif'ic cause (ספי-סיפ'-איק קאהז) אין מעדיצין — אן אורזאכע, וועלכע ווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון א ספעציפישער אדער אייגענארטיגער קראנקהיים.

specif'ic char'acters (ספי-סיפ'-איק קער'-עק-טערז) אין ביאלאגיע — די ספעציפישע אייגענשאפטען פון אן ארט אדער גאטונג, דורך וועלכע זי אונטערשיידעט זיך פון אן אנדער ארט אדער גאטונג.

specif'ic deni'al (ספי-סיפ'-איק די-נאי'-על) אין יוריספרודענץ — אן ענטפער אויף א קלאגע, וואו יעדער פונקט ווערט בעזונדערס און אויספיהרליך אבגעלייקענט.

specif'ic disease' (ספי-סיפ'-איק די-זיעז') א קראנקהייט וואס ווערט פעראורזאכט דורך א ספעציפישער אנשטעקונג [ווי סיפיליס].

specif'ic du'ty (ספי-סיפ'-איק דיו'-טי) אין א טאריף — א בעשטימטער אבצאהל וואס זוערט ארויפגעלעגט אויף אימפארטירטע אדער אריינגעפיהרטע סחורות לויט זייער צאהל, מאס, געוויכט א. ד. ג., אבער ניט לויט זייער ווערטה [ווי למשל, א בעשטימטער אבצאהל אויף יעדען פונט טאבאק, ניט קוקענדיג פון וועלכען זארט דיעזער טאבאק זאל ניט זיין].

specif'ic grav'ity (ספי-סיפ'-איק גרעוו'-אי-טי) דאס ספעציפישע געוויכט, דאס פערהעלטניס פון געוויכט פון א זאך צום געוויכט פון וואסער, פון 4 גראד צעלזיוס, וואס האט דיעזעלבע מאס אדער אומפאנג ווי די זאך [ווי למשל, דאס ספעציפישע געוויכט פון גאלד איז 19, ווייל א שטיקעל גאלד איז לערך 19 מאל שווערער ווי וואסער פון דעמזעלבען אומפאנג].

specif'ic med'icine (ספי-סיפ'-איק מעד'-אי-סין) א מעדיצין אדער רפואה וואס האט א בעשטימטע ווירקונג אין געוויסע קראנקהייטען [ווי כינין אין פיבער].

specif'icness *n.* (ספי-סיפ'-איק-נעס) דאס זיין ספעציפיש; די אייגענארטיגקייט, די אייגענטימליכקייט.

spec'ify *v.* (ספעס'-אי-פאי) ספעציפיצירען, בעצייכנען אויספיהרליך, בעשרייבען מיט אלע פרטים.

spec'imen *n.* (ספעס'-אי-מען) איינער פון א קלאס פערזאנען אדער עפעס פון א קלאס פון זאכען, וואס דיענט אלס א ביישפיעל פון דיעזען קלאס; א מוסטער, א פראבע; אן עקזעמפלאר.

speciol'ogy *n.* (ספי-שי-אל'-א-דזשי) אין ביאלאגיע — די לעהרע וועגען ארטען אדער גאטונגען.

spe'cious *a.* (ספי'-שאס) אנזעהנליך, שעהן אויף'ן קוק, שעהן נאך דעם אויסזעהן.

spe'ciously *adv.* (ספי'-שאס-לי) אנזעהנליך; זייענדיג שעהן אויף'ן קוק; מיט א שעהנעם אויסזעהן.

spe'ciousness *n.* (ספי'-שאס-נעס) אנזעהנליכקייט, דאס האבען א שעהנעם אדער אנגענעהמען אויסזעהן.

speck *n. and v.* (ספעק) 1. א פינטעל, א קליינער פלעק; א פינטעל אויף א פרוכט, וואס צייגט אז דאס זי הויבט אן צו פוילען; 2. א קליין טיילכעל, אן אטאם; די קלענסטע מאס פון עפעס; 3. פעטס, שמאלץ; 4. בעפלעקען.

2. He has not a **speck** of generosity in his make-up.

speck'le *n. and v.* (ספעקל) א קליינער פלעק, א שפרענקעל; בעשפרענקלען.

speck'led *a.* (ספעקלד) געפלעקט, געשפרענקעלט; פערשיעדען-פארביג, בונט-פארביג; פערשיעדען.

speck'ledness *n.* (ספעק'לד-נעס) דאס זיין געשפרענקעלט; בונט-פארביגקייט.

speck'less *a.* (ספעק'-לעס) אהן פינטלעך, אהן פלעקען; זעהר ריין, זעהר קלאר.

specks *n.* (ספעקס) ז. ***spectacles***

specktioneer' *n.* (ספעק-שא-ניער') דער הויפט הארפוניער [וואסווארפט דעם הארפון ביי דער יאגד אויף וואלפיש].

speck'y *a.* (ספעק'-אי) געפלעקט, געפינטעלט, געשפרענקעלט.

specs *n.* (ספעקס) ז. ***spectacles***

spec'tacle *n.* (ספעק'-טעקל) א ספעקטאקל, א שוי, אן אויסשטעלונג, א פאראד, א שוישפיעל, א פארשטעלונג, א סצענע, אן אנבליק; א געגענשטאנד פון פעראכטונג.

spec'tacled *a.* (ספעק'-טעקלד) מיט ברילען, וואס טראגט ברילען; אין זאאלאגיע — וואס האט אויגען-עהנליכע אדער ברילען-עהנליכע פלעקען; פאראדנע, ווי אן אויסשטעלונג.

spec'tacled bear (ספעק'-טעקלד בעהר) א זיד-אמעריקאנישער בער מיט א ווייסען שטרייף אונטער די אויגען, וואס איז עהנליך צו א פאר ברילען.

spec'tacled-head'ed *a.* (ספעק'-טעקלד-העד'-עד) וואס האט אויגען-עהנליכע אדער ברילען-עהנליכע פלעקען אויף'ן קאפ [וועגען א געוויסען מין פליגען].

spec'tacle-gage *n.* (ספעק'-טעקל-

גיידזש) א פארריכטונג צו מעסטען דעם אבשטאנד אדער די דיסטאנץ צווישען די ברילען-גלעזלעך.

spec'tacle-glass *n.* (ספעק'-טעקל-גלעס) ברילען-גלאז; א ברילען-גלעזעל.

spec'tacle-ma'ker *n.* (ספעק'-טעקל-מיי'-קער) א ברילען-מאכער, א ברילען-פאבריקאנט.

spec'tacles *n.* (ספעק'-טעקלז) ברילען, שפאקולען.

spectac'ular *a.* (ספעק-טעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א ספעקטאקל, שוי-שפיעל, שוי, אויסשטעלונג אדער צו פאראדען; עהנליך צו א ספעקטאקל, שוי, אויסשטעלונג אדער פאראד; וואס איז שייך צו ברילען.

spectacular'ity *n.* (ספעק-טעק-יו-לער'-אי-טי) פאראדנעקייט, עהנליכקייט צו א ספעקטאקל, שוי אדער אויסשטעלונג.

spectac'ularly *adv.* (ספעק-טעק'-יו-לאר-לי) ווי א ספעקטאקל, שוי, אויסשטעלונג אדער פאראד.

specta'tion *n.* (ספעק-טיי'-שאן) דאס אויסזעהן.

specta'tor *n.* (ספעק-טיי'-טאר) א צושויער; א צוקוקער; איינער וואס זעהט עפעס צו.

spectato'rial *a.* (ספעק-טע-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א צושויער.

specta'torship *n.* (ספעק-טיי'-טאר-שיפ) דאס צוקוקען, דאס זיין א צושויער.

specta'tress *n.* (ספעק-טיי'-טרעס) א צושויערין, א צוקוקערין, איינע וואס זעהט עפעס צו.

specta'trix *n.* (ספעק-טיי'-טריקס) ז. *spectatress*.

spec'ter *n.* (ספעק'-טער) א געשפענסט, א גייסט; א געשפענסט-אינזעקט [אזא אינזעקט]; די געשפענסט-פלעדערמויז [אזא פלעדערמויז]; דער געשפענסט-לעמור [דער טארסיער אדער פוס-טהיער. ז *tarsier*].

spec'ter-le'mur *n.* (ספעק'-טער-לי'-מויר) א טארסיער אדער פוס-טהיער. ז. *tarsier*.

spec'ter of the Brock'en (ספעק'-טער אוו טהי בראק'-ען) אן ערשיינונג אין בערגיגע געגענדען בעת זון-אויפגאנג אדער זון-אונטערגאנג, ווען דעם צושויער'ס שאטען זעהט זיך ריעזיג-גרויס אין דעם נעבעל אויף'ן שפיץ-בארג און איז אפט איינגעשלאסען אין א פיעל-פארביגען קרייז.

spec'tra *n.* (ספעק'-טרא) ספעקטרומס. ז. *spectrum*.

spec'tral *a.* (ספעק'-טרעל) ווי א געשפענסט, גייסטערהאפט; ספעקטראל [וואס איז שייך צום ספעקטרום אדער צום פארבען-בילד וואס עס בילדעט א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spec'tral anal'ysis (ספעק'-טרעל ע-נעל'-אי-סיס) ספעקטראל-אנאליזע [דאס בעשטימען די כעמישע צוזאמענזעצונג פון א שטאף לויט דעם ספעקטרום אדער לויט דעם פארבען-בילד וואס עס בילדעט א שטראהל פון דעם קערפער, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spec'tral col'ors (ספעק'-טרעל קאל'-ארז) די רעגענבויגען-קאלירען, די ספעקטרום-קאלירען. ז. *spectrum*.

spec'tral le'mur (ספעק'-טרעל לי'-מויר) א טארסיער אדער פוס-טהיער. ז. *tarsier*.

spec'trally *adv.* (ספעק'-טרעל-אי) ווי א געשפענסט, ווי א גייסט, גייסטערהאפט.

spec'tral owl (ספעק'-טרעל אול) די געשפענסט-איילע [אזא גרויסע איילע אדער סאווא פון די קאלטע נארדליכע טייל פון אמעריקא].

spec'tre *n.* (ספעק'-טער) ז. *specter*.

spectrobolom'eter *n.* (ספעק-טרא-בא-לאמ'-ע-טער) א ספעקטראבאלאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ-אויסשטראהלונג אין דעם זון-ספעקטרום]. ז. *spectrum*.

spec'trograph *n.* (ספעק'-טרא-גרעף) א ספעקטראגראף, אן אפאראט צו פאטאגראפירען א ספעקטרום [די פארבען, וואס בילדען זיך אוים פון א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא].

spectrog'raphy *n.* (ספעק-טראג'-רע-פי) ספעקטראגראפיע, די קונסט צו געברויכען א ספעקטראגראף. ז. *spectrograph*.

spectrolog'ical *a.* (ספעק-טרא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער ספעקטראל-אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectrol'ogy *n.* (ספעק-טראל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ספעקטראל-אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectrom'eter *n.* (ספעק-טראמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די אבווייכונג אדער אבנייגונג פון א שטראהל ווען ער געהט דורך א פריזמא.

spectromicroscop'ical *a.* (ספעק-טרא-מאי-קרא-סקאפ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו אונטערזוכונגען מיט דער הילף פון א מיקראספעקטראסקאפ. ז. *microspectroscope*.

spec'troscope *n.* (ספעק'-טרא-סקאופ) א ספעקטראסקאפ [אן אפטישער אפאראט צו פראדוצירען ספעקטרומס פון לייכטענדע קערפער דורכלאזענדיג זייערע שטראהלען דורך א פריזמא]. ז. *spectrum*.



Spectroscope

spectroscop'ic *a.* (ספעק-טרא-סקאפ'-איק) ספעקטראסקאפיש, וואס איז שייך צו א ספעקטראסקאפ, וואס ווערט בעשטימט דורך א ספעקטראסקאפ [ז. *spectroscope*]; וואס איז שייך צו ספעקטראל-אנאליזע, בעשטימט דורך ספעקטראל-אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spectroscop'ical *a.* (ספעק-טרא-סקאפ'-אי-קעל) ז. *spectroscopic*.

spectroscop'ically *adv.* (ספעק-טרא-סקאפ'-אי-קעל-אי) ספעקטראסקאפיש, מיט דער הילף פון א ספעקטראסקאפ. ז. *spectroscope*.

spec'troscopist *n.* (ספעק'-טרא-סקאו-פיסט) איינער וואס מאכט בעאבאכטונגען מיט דער הילף פון א ספעקטראסקאפ [ז. *spectroscope*]; א קענער אין ספעקטראל-אנאליזע. ז. *spectral analysis*.

spec'troscopy *n.* (ספעק'-טרא-סקאו-פי) דער טייל פון פיזיק און כעמיע וואס בעשעפטיגט זיך מיט די ערשיינונגען, וועלכע ווערען בעאבאכטעט מיט דער הילף פון דעם ספעקטראסקאפ. ז. *spectroscope*.

spec'trum *n.* (ספעק'-טראם) דאס ספעקטרום [דאס פארבען-בילד וואס בעקומט זיך פון א שטראהל, ווען ער געהט דורך א פריזמא]; א שיין-בילד פון עטוואס וואס מען האט פריהער געזעהן, כאטש מען קוקט שוין מעהר ניט אויף דעם.

spec'ula *n.* (ספעק'-יו-לא) שפיגלען; רעפלעקטירענדע טיילען פון אפטישע אינסטרומענטען; מעדיצינישע אינסטרומענטען צום פאנאנדערשפרייטען קערפער-עפנונגען און זיי אונטערזוכען; אויגען-עהנליכע פלעקען אויף פעדערען; קאלירטע פלעצער אויף פעדערען ביי פויגלען; אויסקוק-פלעצער. ז. *speculum*.

spec'ulable *a.* (ספעק'-יו-לעבל) וואס מען קען נאכדענקען אדער נאכטראכטען.

spec'ular *a.* (ספעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א שפיגעל; שפיגעלדיג, אבשפיגלענד; וואס העלפט צום זעהען; וואס איז שייך צו די אויגען-עהנליכע פלעקען אדער צו די קאלירטע פלעקען אויף די פליגלען פון געוויסע פויגלען.

spec'ulate *v.* (ספעק'-יו-לייט) נאכדענקען, נאכטראכטען; מאכען השערות, שאפען טעאריען; שאפען אבסטראקטע טעאריען [בלויז מיט'ן שכל, ניט רעכענענדיג זיך מיט פאקטען און ניט שטיצענדיג זיך אויף בעאבאכטונגען]; שפעקולירען, האנדלען אויף ריזיקע; זוכען צו מאכען פראפיט פון אונזיכערע אונטערנעהמונגען.

specula'tion *n.* (ספעק-יו-ליי'-שאן) נאכדענקונג, נאכטראכטונג; דאס שאפען טעאריען; דאס מאכען השערות; דאס שאפען אבסטראקטע טעאריען [ניט בעגרינדעט אויף פאקטען אדער בעאבאכטונגען]; א ספעקולאציאן; בעטראכטונג; אזא קארטען-שפיעל; דאס שפעקולירען, דאס האנדלען אויף ריזיקע.

spec'ulatist *n.* (ספעק'-יו-ליי-טיסט) א דענקער, א פילאזאף; איינער וואס שאפט אבסטראקטע טעאריען, וואס זיינען ניט בעגרינדעט אויף פאקטען און בעאבאכטונגען; א חקרן, א טעארעטיקער, וואס ווייסט גאר ניט פון דער פראקטישער זייט פון לעבען.

spec'ulative *a.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו) ספעקולאטיוו, נאכדענקענד, פארשענד; מעארעטיש; ריין וויסענשאפטליך [וואס האט ניט אין זינען קיין פראקטישע צוועקען אדער אנווענדונגען]; מעטאפיזיש, וואס איז געבויט אויף השערות, וואס איז א רעזולטאט פון אבסטראקטען דענקען [ניט פון ערפאהרונג]; שפעקולירענד; וואס האנדעלט אויף ריזיקע.

spec'ulatively *adv.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו-לי) אויף א ספעקולאטיווען שטייגער; ספעקולירענדיג. ז. *speculative*.

spec'ulativism *n.* (ספעק'-יו-ליי-טיוו-איזם) ספעקולאטיוויזם [די נייגונג צו מאכען השערות אדער שאפען אבסטראקטע טעאריען, וואס זיינען ניט געבויט אויף פאקטען און ערפאהרונגען].

spec'ulator *n.* (ספעק'-יו-ליי-טאר) א בעטראכטער, א נאכדענקער; א שאפער פון טעאריען; א שפעקולאנט, איינער וואס האנדעלט אויף ריזיקע.

spec'ulatory *a.* (ספעק'-יו-ליי-טא-רי) נאכדענקענד, נאכפארשענד; ספעקולאטיוו. ז. *speculative*

spec'ulum *n.* (ספעק'-יו-לאם) א שפיגעל; דער רעפלעקטירענדער אדער אבשפיגלענדער טייל פון אן אפטישען אינסטרומענט; אן אויגען־עהנליכער פלעק אויף פעדערען [ווי למשל, ביי א פאַווע]; א קאלירטער פלאץ אויף די פעדערען ביי פויגלען; א מעדיצינישער אינסטרומענט צום ארייגקוקען אין קערפער־עפנונגען אדער זיי פאנאנדערצושפרייטען צוליעב אונטערזוכונגס־צוועקען; אן אויסקוק־פלאץ; א פלאץ, פון וועלכען מען קען שפּאַנירען.

spec'ulum-met'al *n.* (ספעק'-יו-לאם-מעט'-על) דער רעפלעקטירענדער אדער אבשפיגלענדער טייל פון אן אפטישען אינסטרומענט.

sped (ספעד) געאיילט. ז. *speed*

speech *n. and v.* (ספיטש) שפראך; רעדע־פעהיגקייט; דאס ריידען; א רעדע; א געשפרעך; דער קלאנג פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען; האלטען א רעדע.

speech'craft *n.* (ספיטש'-קרעפט) די רעדע־קונסט; שפראך־וויסענשאפט; גראמאטיק.

speech'-cri'er *n.* (ספיטש'-קראי'-ער) פארצייטען אין ענגלאנד — איינער וואס פלעגט אויסשרייען די ודוי און דעם פערברעכען פון א פעראורטיילטען צום טויט.

speech'-day *n.* (ספיטש'-דיי) אן עפענטליכער פייערטאג אין אן ענגלישער שול נאך די עקזאמענס.

speech from the throne (ספיטש פראם טהי טהראון) די טהראן־רעדע [אין די מאנארכיש־קאנסטיטוציאנעלע לענדער — די קעניגליכע פראגראם־רעדע וואס ווערט פארגעלעזען פון דעם מאנארך אדער פון זיין פערטרעטער ביי דער ערעפנונג פון פארלאמענט].

speech'ful *a.* (ספיטש'-פול) רייך אין ווערטער; בערעדעוודיג; ריידענד.

speechifica'tion *n.* (ספיטש-אי-פי-קיי'-שאן) דאס דרשנ'ען, דאס שיטען מיט רעדעס.

speech'ifier *n.* (ספיטש'-אי-פאי-ער) א בעל דרשן, איינער וואס האט ליעב צו האלטען רעדעס, א "טשאַיניק־האקער".

speech'ify *v.* (ספיטש'-אי-פאי) דרש'ענען, שיטען מיט רעדעס, "האקען א טשאַיניק".

speech'less *a.* (ספיטש'-לעס) שפראכלאז, שווייגענד, שטום; אונאויסגעשפראכען.

speech'lessly *adv.* (ספיטש'-לעס-לי) שווייגענדיג, שטום, שפראכלאז.

speech'lessness *n.* (ספיטש'-לעס-נעס) שפראכלאזיגקייט; שטומקייט.

speech'maker *n.* (ספיטש'-מיי-קער) א רעדנער.

speech'making *n.* (ספיטש'-מיי-קינג) דאס האלטען רעדעס.

speech'-rea'ding *n.* (ספיטש'-ריד'-ינג) דאס פערשטעהן איינעמס רייד לויט די בעוועגונגען פון די ליפען [ווי עס איז דער פאל מיט טויב־שטומע].

speed *n. and v.* (ספיד) 1. גיכקייט, איילעניש; 2. געשווינדקייט, שנעלקייט; 3. מזל, גליק, ערפאלג, פעולה; 4. זיך איילען, איילען; זיך שנעל בעוועגען, ארויסרופען א שנעלע בעוועגונג; 5. צוגעבען אדער ארויסרופען א געוויסע שנעלקייט; 6. האבען ערפאלג, גוט אנגעהן, גוט געהן; מיטהעלפען צו ערפאלג, מאכען ערפאלגרייך; 7. אויספערטיגען, דורכפיהרען.

2. We motored at high **speed**. 3. I wish you good **speed** in your undertaking. 5. The engine is **speeded** to run 300 revolutions per minute. 6. God **speed** you. 7. The judicial proceedings were **sped** in the open court.

speed'er *n.* (ספיד'-ער) איינער אדער עטוואס וואס לויפט אדער בעוועגט זיך שנעל; איינער אדער עטוואס וואס רופט ארויס א שנעלע בעוועגונג; א מעכאנישע פארריכטונג ארויסצורופען געשווינדקייט.

speed'ful *a.* (ספיד'-פול) שנעל, גיך, איילענדיג; ערפאלגרייך, געלונגען; מזל'דיג.

speed'fully *adv.* (ספיד'-פול-אי) מיט שנעלקייט; מיט ערפאלג; מזל'דיג.

speed'-gage *n.* (ספיד'-גיידזש) ז. *speed-indicator*

speed'ily *adv.* (ספיד'-אי-לי) גיך, שנעל, אין א קורצער צייט.

speed'-in'dicator *n.* (ספיד'-אינ'-די-קיי-טאר) א געשווינדקייט־מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די געשווינדקייט פון מאשינען].



Speed-indicator

speed'iness *n.* (ספיד'-אי-נעס) שנעלקייט, גיכקייט, געשווינדקייט.

speed'ing *n.* (ספיד'-אינג) דאס ארויסרופען א שנעלע בעוועגונג; א פראבע אין לויפען שנעל [ווי פון א פערד].

speed'less *a.* (ספיד'-לעס) לאנגזאם; ניט ערפאלגרייך, ניט מזל'דיג.

speed'-record'er *n.* (ספיד'-רי-קאהרד'-ער) אן אפאראט צו פערצייכנען געשווינדיגקייט [פון א באהן־צוג, מאשין א. ז. וו.].

speed'way *n.* (ספיד'-הוויי) א וועג, אויף וועלכען עס איז ערלויבט צו פאהרען שנעל.

speed'well *n.* (ספיד'-הועל) דער עהרענפרייז [אזא קריכענדיג גראז מיט העלבלויע בליטהען]. ז. *Veronica*

speed'y *a.* (ספיד'-אי) איילינ, שנעל, געשווינד; ערפאלגרייך, מזל'דיג.

speiss *n.* (ספאיס) א צוזאמענזעצונג פון ארסעניק מיט אייזען, ניקעל אדער קאבאלט.

speld *n.* (ספעלד) א שפענדעל; א שפליטער, א פיצעל, א ברעקעל.

spell *n. and v.* (ספעל) 1. א צויבער־שפרוך, אן אבשפרעכעניש, א כשוף, א צויבער; בעצויבערטקייט, פער'כשופ'טקייט; 2. אומבייטונג, אבוועקסלונג, א רייה, אן אטשערעד [ביים ארבייטען]; 3. רוה־צייט; 4. א בעשטימטע צייט; א קורצע צייט, א פריי שטיקעל צייט, א ווייל'ע; 5. א שלעכט שטיקעל צייט, א צייט פון שלעכטער שטימונג; 6. אויסלעגען [ווערטער]; 7. לייענען בוכשטאב נאך בוכשטאב; לייענען מיט מיה; 8. ענטדעקען דורך גענויען שטודיום, ארויסקריגען עפעס פונקט נאך פונקט; גענוי שטודירען, גענוי פארשען; 9. צוזאמענשטעלען, אויסמאכען; 10. אומבייטען אדער צייטווייליג פערנעהמען איינעמס פלאץ.

1. He is under the **spell** of her beautiful eyes. 2. The men work the pumps by **spells**. 4. Come and rest a **spell** with me. 6. The word is **spelled** correctly. 9. Discipline and courage **spell** victory.

spell back'ward (ספעל בעק'-הווארד) 1. אויסלעגען [א ווארט] צוריקוועגס; 2. אויסטייטשען אדער פערשטעהן פערקעהרט, פערדרעהען.

2. He is a brave, good man, but he always **spells backwards**.

spell ba'ker (ספעל ביי'-קער) טהאן עפעס א שווערע ארבייט, אונטערנעהמען א שווערע זאך.

If an old man will marry a young woman, he must **spell baker**.

spell'bind *v.* (ספעל'-באינד) האלטען מיט צויבער־קראפט אדער ווי מיט צויבער־קראפט; בעצויבערען, פער'כשופ'ען.

spell'bound *a.* (ספעל'-באונד) בעצויבערט, פער'כשופ'ט; געהאלטען ווי מיט צויבער־קראפט.

spell'er *n.* (ספעל'-ער) איינער וואס לעגט אויס ווערטער; איינער וואס קען גוט אויסלעגען; א בוך צום לערנען אויסלעגען; אן אבצווייגונג פון הארן־צווייג ביי א הירש.

spell'ing *n.* (ספעל'-אינג) אויסלעגונג פון ווערטער, ארטאגראפיע.

spell'ing-bee *n.* (ספעל'-אינג-ביע) א וועט אין ריכטיג בוכשטאבירען אדער אויסלעגען ווערטער.

spell'ing-book *n.* (ספעל'-אינג-בוק) א בוך צום לערנען אויסלעגען.

spell'ing-match *n.* (ספעל'-אינג-מעטש) ז. *spelling-bee*

spell'ing reform' (ספעל'-אינג רי-פאהרם') א רעפארמע אין אויסלעגען אדער ארטאגראפיע; א פעראיינפאכונג פון די אויסלעגונגס־כללים פון א שפראך.

spell'-stopped *a.* (ספעל'-סטאפט) איינגעהאלטען דורך כשוף, געהאלטען מיט צויבער־קראפט.

spell'-work *n.* (ספעל'-הווירק) עטוואס וואס ווערט געטהאן דורך כשוף; צויבער־קראפט; כשוף.

spelt (ספעלט) בוכשטאבירט, אויסגעלעגט. ז. *spell*

spelt *n.* (ספעלט) [א מין ווייץ] שפעלץ, שפעלט.

spel'ter *n. and v.* (ספעל'-טער) שפיאלטער, צינק; פערלייטען מיט שפיאלטער אדער צינק.

spel'ter sold'er (ספעל'-טער סאד'-ער) שפיאלטער צום פערלייטען מעטאלען.

spen'cer *n.* (ספענ'-סער) א ספענצער, א לייב־יאק, א קאמזויל; א זארט זעגעל פון א שיף.

Spence'rian *a. and n.* (ספענ-סי'-רי-ען) וואס איז שייך צום ענגלישען פילאזאף הערבערט ספענסער [געבארען 1820, געשטארבען 1904] אדער צו זיין לעהרע; א ספענסעריאנער, אן אנהענגער פון ספענסער'ס לעהרען.

Spence'rianism *n.* (ספענ-סי'-רי-ענ-איזם) די עוואלוציאנס־לעהרע פון דעם ענגלישען פילאזאף הערבערט ספענסער [1820—1904]. ז. *synthetic philosophy*

spend *v.* (ספענד) אויסגעבען, פערשווענדען, אויסברייננגען, פערברויכען, ערשעפען, אוועקגעבען; צוברייננגען, פערברייננגען [צייט]; פערברויכט ווערען, אויסגעבראכט ווערען, ערשעפט ווערען, פער־

שווענדעט ווערען; ארויסלאזען זרע; ארויסווארפען רויגען [איקרא].

spend'-all *n.* (ספענד'–אהל) א פערשווענדער, אן אויסברייננגער.

spend a mast (ספענד ע מעסט) צוברעכען א מאסט; פעראורזאכען דעם פערלוסט פון א מאסט; פערלירען א מאסט.

spen'der *n.* (ספענ'–דער) א פערצעהרער, א פערברויכער; א פערשווענדער, אן אויסברייננגער.

spend ground (ספענד גראונד) מאכען אן אויסגראבונג אין א מינע אדער שאכטע.

spen'ding *n.* (ספענ'–דינג) פערשווענדונג; דאס ארויסלאזען זרע.

spen'ding-mon'ey *n.* (ספענ'–דינג–מאנ'–אי) טאשען־געלד [געלד אויף קליינע אויסגאבען].

spend the mouth (ספענד טהי מאוטה) שטארק בילען.

spend'thrift *n. and a.* (ספענד'–טהריפט) א פערשווענדער; אן אויסברייננגער; פערשווענדעריש, אויסברייננגעריש.

spend'thrift trust (ספענד'–טהריפט טראסט) א פערמעגען וואס ווערט איבערגעגעבען צו אפעקונעס מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאלען צאהלען דעם יורש זאלאנג ער לעבט בלויז די הכנסות פון דיעזען פערמעגען, און דאס פערמעגען גופא זאל ירשנ'ען אן אנדערער נאך זיין טויט.

Spense'rian *a. and n.* (ספענ-סי'-רי–ען) וואס איז שייך צום ענגלישען דיכטער עדמונד ספענסער [געבארען 1552, געשטארבען 1599] אדער צו זיין פאעטישען סטיל; א ספענסערישער מעטער, א ספענסערישער פערז.

spent *a.* (ספענט) ערשעפט; אויסגעמאטערט, קראפטלאז, מאכטלאז; אויסגעמאטערט דורך ארויסווארפען רויגען [וועגען פיש]; פערשווענדעט, אויסגעבראכט, פערבראכט [צייט], פערברויכט [ז. *spend*].

spent ball (ספענט באהל) א שיס־קויל וואס פליהט מיט א צו שוואכען אימפעט צו קענען עפעס דורכלעכערען.

sperm *n.* (ספוירם) ספערמא, זאמען אדער זרע [פון א זכר]; דער קאשעלאט [אזא וואלפיש]; ספערמאצעט [די פעטס פון קאפ פון א קאשעלאט]. ז. *spermaceti*

spermacet'i *n. and a.* (ספויר-מע-סעט'-אי) ספערמאצעט, אזא פעטס וואס ווערט ארויסגענומען פון קאפ פון א קאשעלאט [אזא וואלפיש]. ווערט געברויכט פאר פערשיעדענע זאלבען און פלאסטערען; וואס איז שייך צו ספערמאצעט, ספערמאצעטיש.

spermat'ic *a.* (ספויר–מעט'–איק) ספערמאטיש, וואס איז שייך צו דער ספערמא, זאמען אדער זרע [פון א זכר]; וואס לאזט ארויס ספערמא אדער זרע; וואס איז שייך צום גליעד אדער צו די גליעדער, דורך וועלכע די ספערמא אדער זרע פליסט ארויס.

spermat'ical *a.* (ספויר–מעט'–אי–קעל) ז. *spermatic*

spermat'ic ar'tery (ספויר–מעט'–איק אר'–טע–רי) די ארטעריע אדער בלוטאדער פון די אייער.

sper'matism *n.* (ספויר'–מע–טיזם) דאס ארויסלאזען ספערמא, זאמען אדער זרע [ביי א זכר].

sper'matize *v.* (ספויר'–מע–טאיז) ארויסלאזען ספערמא, זאמען אדער זרע [ביי א זכר].

sper'matocele *n.* (ספויר'–מע טא–סיל) אין מעדיצין — דער ברוך פון די זאמענגעפעס [די זרע־קאנאלען אין דעם אייערבייטעל].

spermatogen'esis *n.* (ספויר–מע–טא–דזשענ'–ע–סיס) ז. *spermatogeny*

spermatog'eny *n.* (ספויר–מע–טאדזש'–ע–ני) די אויסבילדונג פון ספערמא אדער זרע.

sper'matoid *a.* (ספויר'–מע–טאיד) עהנליך צו ספערמא אדער זרע [פון א זכר].

spermatol'ogy *n.* (ספויר–מע–טאל'–א–דזשי) די לעהרע וועגען ספערמא, זאמען אדער זרע [פון א זכר].

sper'matophore *n.* (ספויר'–מע–טא–פאור) דער ספערמאטאפאר, איינס פון די מיקראסאפישע זעקעלעך אין דער זרע פון א זכר, אין וועלכען עס האלטען זיך די זאמען־טיערכען אדער ספערמאטאזאא. ז. *spermatozoa*

spermatoph'orous *a.* (ספויר–מע–טאפ'–א–ראס) וואס טראגט אדער ענטהאלט ספערמא אדער זרע.

spermato'vum *n.* (ספויר–מע–טאו'–וואם) א בעפרוכטעטעס אייעלע [פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א לעבעדיגע בעשעפעניש].

spermatozo'a *n.* (ספויר–מע–טא–זאו'–א) די ספערמאטאזאא אדער זאמען־טיערכען [די מיקראסקאפישע קערפערלעך מיט לאנגע עקלעך וועלכע ענטהאלטען זיך אין דער ספערמא אדער זרע פון א זכר און בעפרוכטען די אייעלעך פון א נקבה].

Spermatozoa

spermatozo'oid *n. and a.* (ספויר–מע–טא–זאו'–איד) דאס זאמען־טיערכען; וואס איז שייך צו א זאמען־טיערכען. ז. *spermatozoa*

spermatozo'on *n.* (ספויר–מע–טא–זאו'–אן) א זאמען־טיערכען. ז. *spermatozoa*

sperm'-cell *n.* (ספוירמ'–סעל) די זאמען־צעלע, א זאמען־טיערכען. ז. *spermatozoa*

sper'min *n.* (ספויר'–מין) ספערמין, א כעמישער שטאף וואס בעקומט זיך פון ספערמא אדער זרע און פון אנדערע ארגאנישע עלעמענטען [ווערט פיעל געברויכט אין מעדיצין].

sper'mism *n.* (ספויר'–מיזם) ספערמיזם, די לעהרע, אז די זרע פון'ם זכר ענטהאלט אין זיך דעם גאנצען צוקינפטיגען ארגאניזם, וואס דארף געבארען ווערען און אז דאס אייעלע פון דער נקבה דיענט נור אלס א סביבה, אין וועלכער די ספערמאטאזאא [ז. *spermatozoa*] ענטוויקעלט זיך.

sperm'-nu'cleus *n.* (ספוירמ'–ניו'–קלי–אס) דאס זרע־קערנדעל פון די ספערמאטאזאא. ז. *spermatozoa*

sper'moderm *n.* (ספויר'–מא–דוירם) די זאמען־הילע, דאס אויבערשטע הייטעל פון א זאמען.

sperm'-oil *n.* (ספוירמ'–איל) דער אויל וואס בעקומט זיך פון די פעטס פון א קאשעלאט [אזא וואלפיש].

spermol'ogy *n.* (ספויר–מאל'–א–דזשי) ז. *spermatology*

sper'mule *n.* (ספויר'–מיול) א זאמען־טיערכען. ז. *spermatozoa*

sperm'-whale *n.* (ספוירמ'–הוויל) דער קאשעלאט, אזא וואלפיש אין די ימים פון דיווארימע לענדער.

Sperm-whale

spew *v.* (ספיו) מייקענען, ברעכען.

spew'er *n.* (ספיו'–ער) איינער וואס ברעכט אדער מייקעט.

sp. gr. אבקירצונג פון די ווערטער *specific gravity*

sphac'el *n.* (ספעס'–על) ז. *sphacelus*

sphac'elate *v. and a.* (ספעס'–ע–לייט) ווערען אנגעגריפען פון קנאכען־בראנד [ז. *necrosis*]; אנהויבען פוילען אדער אבשטארבען [וועגען געוויסע טיילען פון קערפער]; אנגעגריפען פון קנאכען־בראנד; אבגעפוילט, אבגעשטארבען.

sphacela'tion *n.* (ספעס–ע–ליי'–שאן) ז. *necrosis*

sphac'elism *n.* (ספעס'–ע–ליזם) ז. *necrosis*

sphacelis'mus *n.* (ספעס–ע–ליס'–מאס) ז. *necrosis*

sphac'elus *n.* (ספעס'–ע–לאס) קנאכען־בראנד [ז. *necrosis*]; א פוילענדע געוועב־מאסע פון קערפער.

sphæ'roid *n.* (ספי'–ראיד) ז. *spheroid*

sphag'nous *a.* (ספעג'–נאס) וואס איז שייך צו א טארף־גרונד. ז. *peat-moss*

sphal'erite *n.* (ספעל'–ע–ראיט) צינק־זולפיד, צינק־בלענדע [א מינעראל וואס בעשטעהט פון א פערבינדונג פון צינק און שוועבעל].

sphene *n.* (ספין) דער ספען אדער טיטאניט [אזא מינעראל וואס גלאנצט מיט פערשיעדענע קאלירען].

sphe'nic *a.* (ספי'–ניק) קלין־פערמיג, ווי א קלין.

sphe'noid *a. and n.* (ספי'–נאיד) קלין־ארטיג, קלין־פערמיג, ווי א קלין; אין אנאטאמיע — דער קלין־פערמיגער ביין פון שארבען.

sphenoi'dal *a.* (ספי–נאי'–דעל) ז. *sphenoid*

spher'al *a.* (ספיר'–על) ספעריש, רונד, קיילעכדיג; סימעטריש, פאלקאם אין פארם; וואס איז שייך צו א הימלישען קערפער; וואס בעוועגט זיך ווי א הימלישער קערפער; הארמאניש.

sphera'tion *n.* (ספי–ריי'–שאן) אויסבילדונג אין א קוגעל; אויסבילדונג פון א הימלישען קערפער.

sphere *n. and v.* (ספיער) א קוגעל, א קייקעל, א באל; א הימלישער קערפער [ווי די זון, די ערד, די לבנה]; אין דער פארצייטיגער אסטראנאמיע — איינע פון די בעוועגליכע און דורכזיכטיגע שיידען, אין וועלכע עס זיינען כלומר'שט איינגעפאסט די הימלישע קערפער אין זייער בעוועגונג ארום דער ערד; א גלאבוס, א קוגעל אדער באל וואס שטעלט מיט זיך פאר די ערד; די ספערע, דער טהעטיגקייטס־געביעט, דער ווירקונגס־קרייז; די מדרגה, דער ראנג אין דער געזעלשאפט; דער העכערער געזעלשאפטליכער קלאס; מאכען ספעריש אדער קיילעכדיג, פעררונדען; שטעלען אין א ספערע, שטעלען צווישען די הימלישע קערפער; איינשליסען אין א קרייז; ארומקרייזען, ארומגארטלען.

sphere′less *a.* (ספיער′-לעס) וואס האט ניט קיין ספערע, אונבעשרענקט, וואנדערענד.

sphere of activ′ity (ספיער אוו עק-טיוו′-אי-טי) דער ווירקונגס-קרייז.

spher′ic *a.* (ספער′-איק) ספעריש, קוגעל-פערמיג, ווי א קייקעל, רונד.

spher′ical *a.* (ספער′-אי-קעל) ספעריש, וואס האט די פארם פון א באל, קייקעל אדער קרייז.

spher′ical an′gle (ספער′-אי-קעל ענגל) א ספערישער ווינקעל [א ווינקעל, וואס בילדעט זיך אוים ווען צוויי קרומע אדער רונדע ליניען שניידען זיך איבער].

spher′ically *adv.* (ספער′-אי-קעל-אי) אין דער פארם פון א באל, קייקעל אדער קוגעל.

spher′icalness *n.* (ספער′-אי-קעל-נעס) ז. *sphericity*.

spher′ical tri′angle (ספער′-אי-קעל טראי′-ענגל) א ספערישער דריי-עק [א דריי-עק אויף א קייקעל וואס בילדעט זיך אוים דורך דער איבערשניידונג פון די קרייז-ליניען אויף דעם קייקעל].



Spherical Triangle

spher′ical trigonom′etry (ספער′-אי-קעל טריג-א-נאמ′-ע-טרי) ספערישע טריגאנאמעטריע [דער טייל פון טריגאנאמעטריע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט דריי-עקען אויף א ספערישען אדער קוגעל-פערמיגען קערפער, וואס בילדען זיך אוים דורך דער דורכשניידונג פון דריי געבויגענע ליניען].

spheric′ity *n.* (ספי-ריס′-אי-טי) קוגעל-פערמיגקייט, קיילעכדיגקייט, רונדקייט.

spher′icle *n.* (ספער′-איקל) א קליינער קוגעל.

spher′ics *n.* (ספער′-איקס) די ספערישע טריגאנאמעטריע. ז. *spherical trigonometry*.

sphe′rograph *n.* (ספי′-רא-גרעף) אזא אינסטרומענט צו בעשטימען די ריכטונג פון א שיף און די שטרעקע וואס זי איז אבגעגאנגען.

sphe′roid *n.* (ספי′-ראיד) א ספעראאיד, א קערפער וואס בעקומט זיך דורך דער בעוועגונג פון אן עליפסע [ז. *ellipse*] ארום איינעם פון איהרע אקסען; א רונדער קערפער אדער פיגור וואס איז צוגויפגעדריקט ביי די זייטען און עטוואס אויסגעצויגען [ווי אן איי, די ערד א. ד. ג.].

spheroi′dal *a.* (ספי-ראי′-דעל) ספעראאידיש, ווי א ספעראאיד; ניט פאלקאמען רונד, ניט גאנץ רונד. ז. *spheroid*.

spheroi′dally *adv.* (ספי-ראי′-דעל-אי) אין דער פארם פון א ספעראאיד. ז. *spheroid*.

spheroi′dic *a.* (ספי-ראי′-דיק) ז. *spheroidal*.

spheroi′dical *a.* (ספי-ראי′-די-קעל) ז. *spheroidal*.

spheroidic′ity *n.* (ספי-ראי-דיס′-אי-טי) דאס זיין א ספעראאיד. ז. *spheroid*.

spherom′eter *n.* (ספי-ראמ′-ע-טער) א ספעראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם קרימונגס-גראד פון א ספערישען אדער קיגעל-פערמיגען קערפער, בעזונדערס פון אן אפטישער לינזע].



Spherometer

spherosid′erite *n.* (ספי-רא-סיד′-ע-ראיט) דער ספעראסידעריט [אייזען-שפאט אין קוגעל-פערמיגע שטיקער].

spher′ule *n.* (ספער′-אוהל) א קליינער קוגעל; א קליין קייקעל.

spher′y *a.* (ספיר′-אי) ספעריש, וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א הימלישען קערפער.

sphinc′ter *n.* (ספינק′-טער) אין אנאטאמיע — א מוסקול וואס רינגעלט ארום אן עפנונג פון קערפער און דורך וועלכען די עפנונג פערמאכט זיך.

sphinc′ter a′ni (ספינק′-טער איי′-נאי) דער מוסקול וואס רינגעלט ארום די עפנונג פון הינטערלייב [פי הטבעת].

sphinx *n.* (ספינקס) [א פא-] א ספינקס בעלהאפטע משונה'דיגע בריאה מיט א קערפער פון א לייב און מיט א קאפ פון א פרוי, וועלכע — לויט דער אלט-גריכישער לעגענדע — פלעגט פרעגען ביי די פארבייגעהער א רעטעניש און פלעגט זיי טויטען אויב זיי פלעגען ניט טרעפען]; ביי די אלטע עגיפטער — א שטיינערנע פיגור פון א לייב מיט א קאפ פון אן אנדער חיה אדער פון א מאן; א רעטהזעלהאפטע פערזאן, איינער וועמען עס איז שווער צו פערשטעהן; א ספינקס-מאיל [אזא אינזעקט]; דער ספינקס-פאוויאן אדער דער גינעאישער פאוויאן [אזא אפע, ז. *baboon*].

Sphinx

sphragis′tics *n.* (ספרע-דזשיס′-טיקס) די לעהרע וועגען פארצייטיגע שטעמפלען.

sphyg′mic *a.* (ספיג′-מיק) וואס איז שייך צום דופק אדער פולס; פולסירענד.

sphyg′mogram *n.* (ספיג′-מא-גרעם) א ספיגמאגראמע, א וועלענפערמיגע ליניע וואס בעצייכענט דאס שלאגען פון פולס [דופק] און ווערט געצייכענט דורך א ספיגמאגראף. ז. *sphygmograph*.



Sphygmogram

sphyg′mograph *n.* (ספיג′-מא-גרעף) א ספיגמאגראף, אן אפאראט וואס פערשרייבט אויטאמאטיש דאס שלאגען פון פולס [דופק] דורך א וועלענפערמיגער ליניע.

sphygmograph′ic *a.* (ספיג-מא-גרעפ′-איק) ספיגמאגראפיש; געצייכענט אדער רעגיסטרירט דורך א ספיגמאגראף; וואס איז שייך צו א ספיגמאגראף. ז. *sphygmograph*.

sphygmog′raphy *n.* (ספיג-מאג′-רע-פי) דאס פערשרייבען אויטאמאטיש דאס שלאגען פון פולס; א בעשרייבונג פון דופק אדער פולס.

sphyg′moid *a.* (ספיג′-מאיד) עהנליך צו א פולס [דופק].

sphygmol′ogy *n.* (ספיג-מאל′-א-דזשי) ספיגמאלאגיע, די לעהרע וועגען פולס [דופק].

sphygmomanom′eter *n.* (ספיג-מא-מע-נאמ′-ע-טער) ז. *sphygmometer*.

sphygmom′eter *n.* (ספיג-מאמ′-ע-טער) דער פולס-מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די קראפט פון פולס אין אן ארטעריע].

sphyg′mophone *n.* (ספיג′-מא-פאון) א ספיגמאפאן [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען מען קען הערען דאס קלאפען פון פולס].

sphyg′moscope *n.* (ספיג′-מא-סקאופ) א ספיגמאסקאפ [אן אינסטרומענט, דורך וועלכען מען קען זעהן דאס שלאגען פון פולס].

sphyg′mus *n.* (ספיג′-מאס) דער פולס [דופק].

spi′ca *n.* (ספאי′-קא) א זאנג; א זאנגען-עהנליכע בליהונג; אזא באנדאזש.

spi′cal *a.* (ספאי′-קעל) ז. *spicate*.

spi′cate *a.* (ספאי′-קייט) זאנגען-עהנליך [וועגען בלומען]; וואס האט שפארען אדער שפארען-עהנליכע ארויסשטארצונגען אויף די פים [וועגען פויגלען].

spi′cated *a.* (ספאי′-קיי-טעד) ז. *spiciferous*.

spica′teous *a.* (ספאי-קיי′-טי-אס) אין זאאלאגיע — וואס האט שפארען אדער שפארען-עהנליכע ארויסשטארצונגען.

spica′tum *n.* (ספאי-קיי′-טאם) אין ארכיטעקטור — שרעג געלעגטע שטיינער. ז. *herring-bone work*.

spicca′to *a.* (ספיק-קא′-טא) ז. *picchetato*.

spice *n.* and *v.* (ספאים) 1. א געווירץ; געווירצען; בשמים; א געווירץ-גערוך; א געווירציגער, שמעקעדיגער שטאף; 2. א בייגעשמאק, א בעזונדערער טעם, א בייגעמיש, א ביסעל; 3. עטוואס וואס איז פיקאנט אדער אנציהענד, אדער וואס גיט צו א בעזונדערען טעם; 4. צוווירצען, פערפראווען מיט געווירצען; 5. מאכען פיקאנט אדער אנציהענד.

2. There is a **spice** of roguery in the adventure. 3. Variety is the very **spice** of life. 5. The sermon was very richly **spiced** with anecdotes.

spice′-ap′ple *n.* (ספאים′-עפ′ל) דער אניס-עפעל [אזא ארמאטישער עפעל].

spice′berry *n.* (ספאים′-בער-אי) דאס ווינטער-גרין. ז. *checkerberry*.

spice′-box *n.* (ספאים′-באקס) א געווירצען-קעסטעל; אזא שעהן געשניצטעס קעסטעלע.

spice′-bush *n.* (ספאים′-בוש) דער בענזאע-בוים [אזא אמעריקאנישער קוסט פון דעם מין לארבער-בוימער. די בלעטער

פלעגען אמאל געברויכט ווערען אלס טהעע און די פרוכט אלס געווירץ].

Spice-bush

spice′-cake *n.* (ספאיס′-קייק) א געווירץ־געבעקס, א בשמים־געבעקס, א געבעקס געמאכט מיט געווירצען.

spiced *a.* (ספאיסט) געווירצט, אנגעזאפט מיט בשמים, שמעקענד, אראמאטיש.

spice′ful *a.* (ספאיס′-פול) געווירציג, בשמים׳דיג, אראמאטיש, שמעקענד.

spice′-mill *n.* (ספאיס′-מיל) א געווירצען־מיהלכעל [א האנד־מיהלכעל צו מאהלען געווירצען].

spice′-nut *n.* (ספאיס′-נאט) א פעפער־קוכען אדער אינגבער־קוכען. ז. *gingerbread-nut*.

spi′cer *n.* (ספאי′-סער) א געווירץ־קרעמער, א בשמים־הענדלער; איינער וואס ווירצט; א שפייז־קרעמער; אן אפטייקער.

spi′cery *n.* (ספאי′-סער-אי) געווירץ־ווארצלען; בשמים; א געווירץ־קראם; א שפייז־קראם; געווירציגקייט; שמעקעדיגקייט, אראמאטישקייט.

spice′-shop *n.* (ספאיס′-שאפ) א געווירץ־קראם, א בשמים־קראם; א שפייז־קראם; אן אפטייק.

spice′-tree *n.* (ספאיס′-טריע) דער געווירץ־בוים אדער בערג־לארבער־בוים [אזא הויכער אמעריקאנישער בוים מיט א זעהר טייערען האלץ. די בלעטער פון דעם בוים גיבען ארוים א שארפען גערוך].

spice′wood *n.* (ספאיס′-הוואוד) ז. *spice-bush*.

spicif′erous *a.* (ספאי-סיפ′-ע-ראס) זאנגיג, וואס וואקסט אין זאנגען אדער ווי אין זאנגען; וואס האט שפארען אדער שפארען־עהנליכע ארויסשטארצונגען אויף די פיס [וועגען פויגלען].

spi′ciform *a.* (ספאי′-סי-פארם) עהנליך צו א זאנג.

spi′cily *adv.* (ספאי′-סי-לי) געווירצט; פעפערדיג; מיט שארפקייט; אויף א בייסענדען אופן; אויף א פראנטישען אדער געפוצטען אופן.

spi′ciness *n.* (ספאי′-סי-נעס) געווירצטקייט; פעפערדיגקייט; בייסינקייט, שארפקייט; פראנטישקייט, געפוצטקייט.

spick *n. and a.* (ספיק) די מייזע אדער סיניצא [אזא פויגעל. ז. *titmouse*]; ווי נײ.

spick′-and-span′ *a.* (ספיק′-ענד-ספען′) שפאגעל־נײ.

spick′-and-span′-new′ *a.* (ספיק′-ענד-ספען′-ניו′) שפאגעל־נײ.

spick′nel *n.* (ספיק′-נעל) דער בער־ווארצעל [א מין גראז].

spi′cose *a.* (ספאי′-קאוס) ז. *spicous*.

spicos′ity *n.* (ספאי-קאס′-אי-טי) זאנגען־ארטיגקייט, דאס וואקסען ווי זאנגען.

spi′cous *a.* (ספאי′-קאס) זאנגיג, זאנגען־ארטיג.

spic′ula *n.* (ספיק′-יו-לא) א קליינע זאנג, א קליינער זאנג־עהנליכער פלאנצען־טייל; אין זאאלאגיע — א נאדעל־עהנליכער אדער שפיציגער קערפער־טייל.

spic′ular *a.* (ספיק′-יו-לאר) אין זאאלאגיע — שפיציג, פערשפיצט, מיט שפיצען.

spic′ular nota′tion (ספיק′-יו-לאר נא-טיי′-שאן) געוויסע בעצייכנונגען אין לאגיק.

spic′ulate *v. and a.* (ספיק′-יו-לייט) פערשפיצען, צושפיצען; פערשפיצט, בעדעקט מיט שפיצען.

spic′ule *n.* (ספיק′-יול) א שפיציגע זאך, עטוואס וואס האט שפיצען; אין זאאלאגיע — א הארטער שפיציגער קערפער אדער קערפער־טייל; א הארעלע פון א זאנג; א קליינער זאנגען־עהנליכער טייל פון א פלאנצע.

spic′uliform *a.* (ספיק′-יו-לי-פארם) זאנגען־עהנליך, עהנליך צו א זאנגען־הערעלע; שפיציג.

spi′cy *a.* (ספאי′-סי) ווירציג, געווירצט; רייך אין געווירצען; אראמאטיש; פעפערדיג, שארף, בייסענד; געפוצט, פראנטיש.

spi′der *n.* (ספאי′-דער) א שפין [ז. איל.]; די ים־שפין [אזא קרעבס אדער ראק [ז. *spider-crab*]; א דריי־פוס; אזא טיעפע פאן מיט א לאנגען הענטעל; א פאן אויף פיסלעך; א שפינען־עהנליכער מאשינען־טייל.

Spider

spi′der-ant *n.* (ספאי′-דער-ענט) די שפין־מוראשקע [אזא שפין־עהנליכע מוראשקע].

spi′der-bug *n.* (ספאי′-דער-באג) דער שפין־וואנץ [אזא לאנגפיסיגער אינזעקט].

spi′der-catch′er *n.* (ספאי′-דער-קעטש′-ער) דער שפינען־כאפער [אזא אינדא־מאלאאישעס פויגעלע מיט א לאנגען שנאבעל]; דער מויער־שפעכט [אזא פויגעלע. ז. *wall-creeper*].

spi′der-cot *n.* (ספאי′-דער-קאט) ז. *spider-web*.

spi′der-crab *n.* (ספאי′-דער-קרעב) די ים־שפין, דער טייפעל־קרעבס [אזא קרעבס אדער ראק מיט לאנגע, דינע פיס].



Spider-crab

spi′der-ea′ter *n.* (ספאי′-דער-איע′-טער) א שפינען־כאפער. ז. *spider-catcher*.

spi′der-fly *n.* (ספאי′-דער-פלאי) דער שפין־אינזעקט [אזא פאראזיטישער אינזעקט וואס האלט זיך אויף אנדערע אינזעקטען, אויף חיות אדער פויגלען].

spi′der-hun′ter *n.* (ספאי′-דער-האנ′-טער) א שפינען־כאפער. ז. *spider-catcher*.

spi′der-line *n.* (ספאי′-דער-לאין) א שפינוועבס־פאדים וואס ווערט געברויכט ביי אסטראנאמישע אונטערזוכונגען אין א מיקראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען קליינע מאסען אדער לענגען].

spi′der-mon′key *n.* (ספאי′-דער-מאנ′-קי) א שפינען־אפע [אזא גרויסע מאלפע מיט דינע לאנגע פיס און מיט א לאנגען עק. דאס פלייש פון אייניגע מינים פון דיעזע אפען ווערט געברויכט אלס שפייז. זייער פעל האט א בעדייטענדען ווערטה].

spi′der-net *n.* (ספאי′-דער-נעט) נעץ־ווערק אין דער פארם פון שפינוועבס; דאס פערציערעווען אדער פערשטאפען אזוי אז עס זאל זיין עהנליך צו שפינוועבס.

spi′der-stitch *n.* (ספאי′-דער-סטיטש) א שפינוועב־עהנליכעס גענעה [ביים פערציערעווען]; א שפינוועב־עהנליכע האפטונג.

spi′der-wasp *n.* (ספאי′-דער-הוואספ) די שפינען־וועספע [אזא גרויסע פליעג וואס לעגט איהרע אייעלעך אין שפינען־נעסטען].

spi′der-web *n.* (ספאי′-דער-הועב) שפינוועב.

spi′der-wheel *n.* (ספאי′-דער-הוויעל) א שפינוועב־עהנליכער אויסגעהאפטעטער מוסטער.

spi′der-work *n.* (ספאי′-דער-הוואירק) א שפינוועב־עהנליכע שטיקעריי.

spi′derwort *n.* (ספאי′-דער-הוואירט) שפינען־גראז [אזא פלאנצע מיט לאנגע בלעטער און צארטע בלויע אדער רויטליך־וויאלעטע בלימעלעך].

spi′dery *a.* (ספאי′-דער-אי) שפינען־עהנליך.

spie′gel *n.* (ספיעגל) ז. *spiegeleisen*.

spie′geleisen *n.* (ספיע′גל-אי-זען) שפיעגעל־אייזען [אזא גוס־אייזען, וואס ענטהאלט אין זיך א גרויסען פראצענט מאנגאן אדער ברוינשטיין].

spie′gelerz *n.* (ספיע′גל-ערץ) שפיעגעל־אייזענשטיין. ז. *ironstone*.

spie′gel-i′ron *n.* (ספיע′גל-אי′-ערן) ז. *spiegeleisen*.

spi′er *n.* (ספאי′-ער) א שפיאן.

spif′licate *v.* (ספיפ′-לי-קייט) שטיקען, ווארגען, דערשטיקען; טויטען.

spiflica′tion *n.* (ספיפ-לי-קיי′-שאן) דערווארגונג, דערשטיקונג; פערניכטונג, טויטונג.

spig′nel *n.* (ספיג′-נעל) ז. *spicknel*.

spig′net *n.* (ספיג′-נעט) דער אמעריקאנישער נארד. ז. *spikenard*.

spig′ot *n.* (ספיג′-אט) א צאפען, א שפונט [פון א פעסעל].

spig′ot-pot *n.* (ספיג′-אט-פאט) א ליימענע אדער פארצעלייענע כלי מיט אן עפנונג פאר א צאפען.

spike *n. and v.* (ספאיק) א שארפער שפיץ; א פערשפיצונג; א פלאקען; א לאנגער טשוואק, א באלץ; א קלין, א שפונט, א צאפען; אן אייזענדעל אויף א שוך־זויל [צו פערהיטען פון אויסגליטשונג]; א זאנג; א זאנג־עהנליכע פלאנצע; די גארטען־לאווענדעל [אזא פלאנ־

צע]; א גלייכער הארן פון א יונגען הירש; פערשפיצען; אויסשלאגען אדער בעפעס־טיגען מיט באלצען אדער מיט לאנגע טשוועקעס; פערקלאפען מיט א קלין אדער מיט א שפונט; אויסזעצען מיט שפיצען [ווי למשל, א מויער, א וואנד א. ז. וו.].

spike'bill *n.* (ספאיק־ביל) דער קאל־בען־טויכער [אזא קאטשקע] [ז. *merganser*]; אזא פוהל־שנעפע [ז. *godwit*].

spike'-extrac'tor *n.* (ספאיק'-עקס־טרעק'-טאר) אן אפאראט ארויסצוציהען טשוועקעס אדער באלצען.

spike'-grass *n.* (ספאיק'-גרעס) אזא הארטעס, אמעריקאנישעל גראז וואס וואקסט אויף זאמדיגען באדען ביי די ברעגען פון אטלאנטישען אקעאן.

spike'horn *n.* (ספאיק'-האהרן) דער הארן [הויפטזעכליך א גלייכער] פון א יונגען הירש; א יונגער הירש [א זכר].

spike'-lav'ender *n.* (ספאיק'-לעוו'-ען-דער) די גארטען־לאווענדעל. ז. *lavender*.

spike'let *n.* (ספאיק'-לעט) א זאנגעל; א קליינע זאנגען־עהנליכע בליהונג.

spike'-nail *n.* (ספאיק'-נייל) א לאנגער טשוואק, א קלין, א באלץ.

spike'nard *n.* (ספאיק'-נארד) אינדישער נארד [אזא ארא־מאטישע געוויקס־פלאנצע]; נארד, נארדען־בשמים [נרד].

Spikenard

spike'nard-tree *n.* (ספאיק'-נארד-טריע) א מין אמע־ריקאנישע גראז־פלאנצע מיט א די־קען ווארצעל, וואס ווערט געברויכט אלס הייל־מיטעל.

spike'-oil *n.* (ספאיק'-איל) לא־ווענדעל־אויל. ז. *lavender*.

spi'ker *n.* (ספאי'-קער) אן ארבייטער וואס שלאגט אריין באלצען אין די שיע־נען [רעלסען].

spike'-rush *n.* (ספאיק'-ראש) די טייך־בינזע [אזא פלאנצע].

spike'-team *n.* (ספאיק'-טים) א גע־שפאן פון דריי פערד, אקסען א. ז. וו., פון וועלכע צוויי זיינען געשפאנט אין די אלאבליעס און דער דריטער געהט פאראויס.

spi'ky *a.* (ספאי'-קי) שפיציג; עהנליך צו א טשוואק אדער באלץ; אויסגעזעצט מיט שפיצען אדער באלצען.

spile *n. and v.* (ספאיל) א פאליע, א פלאקען; א צאפען, א שפונט; מאכען אן עפענונג און פערשטאפען מיט א צאפען; אנשלאגען פאליעס אדער פלעקער.

spile'-hole *n.* (ספאיל'-האול) א צאפען־לאך, א שפונט־לאך.

spil'ikin *n.* (ספיל'-אי-קין) ז. *spillikin*.

spill *v. and n.* (ספיל) אויסגיסען, פער־גיסען, זיך פערגיסען; פערשיטען, אויס־שיטען, זיך פערשיטען; פערשווענדען; אראבווארפען פון א פערד אדער וואגען; בעפרייען א זעגעל פון ווינד; א ווארף אדער פאל פון א פערד אדער פון א וואַ־גען; א גוס, א שטראם; א שפינדעל; א שטיקעל האלץ אדער פאפיער צום אנצינ־דען עפעס.

spill'-case *n.* (ספיל'-קייס) א קליינע פערציערונגס־וואזע אויף א קאמין צום האלטען שטיקלעך האלץ צום אנצינדען עפעס.

spill'-chan'nel *n.* (ספיל'-טשען'-על) ז. *spill-stream*.

spill'er *n.* (ספיל'-ער) איינער וואס פערשיט אדער פערגיסט.

spil'likin *n.* (ספיל'-אי-קין) א לאנג שטיקעל האלץ, ביין א. ד. ג., וואס ווערט געברויכט ביי געוויסע שפיעלען; א שפיעל מיט אזעלכע שטעקלעך [ז. *jackstraw*]; שטיקלעך האלץ וואס ווערען געברויכט ביי געוויסע שפיעלען, אום צו האלטען חשבון.

spill'ing-line *n.* (ספיל'-אינג-לאין) א שטריק וואס ווערט אין א שטורם צו־געבונדען צו א זעגעל, אום צו בעפרייען דעם זעגעל פון ווינד.

spill'-stream *n.* (ספיל'-סטריעם) א פלוס אדער שטראם וואס בילדעט זיך פון דער פערפלייצונג פון א טייך.

spill'way *n.* (ספיל'-הוויי) אן אבפלוס־ארט פאר דעם וואסער פון א רעזער־וואואר.

spilt (ספילט) פערגאסען; פערשאטען. ז. *spill*.

spilth *n.* (ספילטה) עטוואס וואס ווערט פערגאסען; אן איבערפלוס.

spi'lus *n.* (ספאי'-לאס) א פלעק אויף'ן לייב; א געבורטס־צייכען.

spin *v. and n.* (ספין) שפינען; שנעל דרעהען אין דער רונד, ווירבלען; "אויס־שפינען" פון קאפ; אויסציהען אין דער לענג; • אויסדרעהען פון בלעך אויף א טאק־מאשין א רונדע כלי; אויסבראקי־רען ביי אן עקזאמען; זיך דרעהען שנעל אין דער רונד ווי א דריידעל; זיך ווירב־לען; ארויסשפריצען מיט א דינעם שטראם; שנעל געהן; שנעלע דרעהונג אין דער רונד; דאס ווירבלען; א שנעלע בעוועגונג.

spin'ach *n.* (ספינ'-עדזש) ספינאט [אזא גארטען־פלאנצע מיט דיקע בלעטער וואס ווערט געברויכט אלס שפייז].

spin'age *n.* (ספינ'-עדזש) ז. *spinach*.

spi'nal *a.* (ספאי'-נעל) וואס געהערט צום רוקען־ביין אדער צו דעם ווירבעל־זייל.

spi'nal col'umn (ספאי'-נעל קאל'-אם) דער ווירבעל־זייל, דער רוקען־ביין.

spi'nal cord (ספאי'-נעל קאהרד) דער חוט השדרה, דער רוקען־ביין מארך.

spi'nal mar'row (ספאי'-נעל מער'-או) ז. *spinal cord*.

spi'nate *a.* (ספאי'-נייט) בעדעקט מיט שטאכלען אדער נאדלען; שטאכעלדיג, נא־דעלדיג.

spi'nated *a.* (ספאי'-נע-טער) ז. *spinate*.

spin a yarn (ספין ע יארן) דערצעה־לען א לאנגע געשיכטע.

spin'dle *n. and v.* (ספינדל) א שפי־דעל פון א שפין־רעדעל; אירגענד וועל־כער פערשפיצטער שטיפט וואס דרעהט זיך; א צאפען [דער דינער ענד פון א וואל אדער אקס]; א קליינער אקס אדער וואליק; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שפינדעל; אין געאמעטריע — א קערפער וואס ווערט געבילדעט דורך דער ראטא־ציאן [דרעהונג] פון א געבויגענער לי־ניע אדער קרייז־בויגען ארום זיין כארדע [זעהנע]; א דינער שטענגעל פון א פלאנ־צע; די שפינדעל־שנעקע [אזא שנעקע וואס ליעגט אין א מושעל וואס איז עהנ־ליך צו א שפינדעל]; א לענגען־מאס פאר פאדים: פאר באוועל 15,120 יארד און פאר פלאקס 14,400 יארד; אויסוואקסען אין א לאנגען און דינעם שטענגעל.

spin'dle-legged *a.* (ספינ'דל-לעגד) מיט לאנגע, דינע פיס.

spin'dle-legs *n.* (ספינ'דל-לעגז) א הויכער מענש מיט לאנגע דינע פיס; לאנגע דינע פיס.

spin'dle-shanked *a.* (ספינ'דל-שענקט) ז. *spindle-legged*.

spin'dle-shanks *n.* (ספינ'דל-שענקס) ז. *spindle-legs*.

spin'dle-shaped *a.* (ספינ'דל-שייפט) וואס האט די פארם פון א שפינדעל.

spin'dle-shell *n.* (ספינ'דל-שעל) א שפינדעל־מושעל [א מושעל, וואס איז עהנליך צו א שפינדעל].

spin'dle-worm *n.* (ספינ'דל-הווארים) דער שפינדעל־ווארים [אזא ווארים וואס צופרעסט קוקורוזע אדער טערקישע ווייץ].

spind'ling *a. and n.* (ספינד'-לינג) עהנליך צו א שפינדעל, לאנג און דין; א לאנגע און דינע זאך; א הויכער, מא־גערער מענש.

spind'ly *a.* (ספינד'-לי) עהנליך צו א שפינדעל; לאנג און דין.

spine *n.* (ספאין) דער רוקען־ביין; א שטאכעל; א נאדעל [פון א בוים]; א שטאכעל־עהנליכער אנוואוקס אדער ארויס־שטארצונג.

spined *a.* (ספאינד) וואס האט א רוקען־ביין; שטאכעלדיג, מיט שטאכלען; נא־דעלדיג.

spin'el *n.* (ספינ'-על) דער שפינעל [אזא מינעראל וואס געפינט זיך אין פערשיעדענע קאלירען און ווערט בענוצט אלס איינפאסונגס־שטיין פאר ציערונג]. ז. איל. "*Gems*".

spine'less *a.* (ספאינ'-לעס) אהן א רו־קען־ביין; שוואך, אהן ענערגיע, אהן קו־ראזש, וואס האט ניט קיין פעסטקייט; וואס האט ווייכע פלוס־פעדערען, וואס האט ניט קיין שטאכלען אין די פלוס־פעדערען [ווענען פיש].

spinelle' *n.* (ספי-נעל') ז. *spinel*.

spin'el ru'by (ספינ'-על רוה'-בי) דער רובין־שפינעל [דער רויטער שפינעל וואס ווערט בענוצט אלס איינפאסונגס־שטיין אין ציערונג].

spines'cent *a.* (ספאי-נעס'-ענט) וואס פערוואנדעלט זיך אין דערנער אדער שטאכלען; דערנערדיג, שטאכעלדיג.

spin'et *n.* (ספינ'-עט) א שפינעט [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט, עהנליך צו אן אלטמאדישען קלאוויר].

spin hay (ספין היי) דרעהען שטריק פון היי ווי דאס ווערט געטהאן פאר מי־ליטערישע צוועקען.

spinif'erous *a.* (ספאי-ניפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס דערנער אדער שטאכלען; דערנערדיג, שטאכעלדיג.

spi'niform *a.* (ספאי'-ני-פארם) וואס האט די פארם פון א שטאכעל אדער דארן.

spin'nage *n.* (ספינ'-עדזש) ז. *spinach*.

spin'naker *n.* (ספינ'-ע-קער) אזא גרויסער זעגעל אויף דעם הויפט־מאסט פון א שיף געגענאיבער דעם הויפט־זעגעל.

spin'ner *n.* (ספינ'-ער) א שפינער, א שפינערין; א שפין־מאשין; א שפין; דער שפין־ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד־ווארים; אן ארבייטער וואס בויגט

אויס בלעכענע כלים אויף א דרעה־באנק אדער טאק־מאשין.

spin'neret *n.* (ספינ'–ער–עט) דער שפין־ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד־ווארים.

spin'nery *n.* (ספינ'–ער–אי) א שפינעריי, א שפין־פאבריק.

spin'ney *n.* (ספינ'–אי) א קליין וועלדעל, א וועלדעל פון קליינע בוימלעך.

spin'ning *n.* (ספינ'–אינג) דאס שפינען; שפינעריי; דאס אויסבויגען בלעכענע כלים אויף א דרעה־באנק אדער טאק־מאשין.

spin'ning-frame *n.* (ספינ'–אינג–פריים) א שפין־שטוהל, א שפין־מאשין.

spin'ning-jen'ny *n.* (ספינ'–אינג–דזשענ'–אי) א שפין־מאשין וועלכע שפינט אייניגע פעדים מיט אמאל.

spin'ning-machine' *n.* (ספינ'–אינג–מע–שין') א שפין־מאשין.

spin'ning-mill *n.* (ספינ'–אינג–מיל) א שפינעריי, א שפין־פאבריק.

spin'ning-or'gan *n.* (ספינ'–אינג–אהר'–גען) דער שפין־ארגאן פון א שפין אדער פון א זייד־ווארים.

spin'ning-wheel *n.* (ספינ'–אינג–הוויעל) א שפין־רעדעל.



Spinning-wheel

spin'ny *n.* (ספינ'–אי) ז. *spinney*.

spi'nose *a.* (ספאי'–נאוס) דערנערדיג; שטאכעלדיג, נאדעלדיג.

spi'nosely *adv.* (ספאי'–נאוס–לי) מיט שטאכלען, מיט נאדלען; דערנערדיג.

spinos'ity *n.* (ספאי–נאס'–אי–טי) דאס זיין דערנערדיג אדער שטאכעלדיג; א דערנערדיגע זאך; דאס זיין פול מיט דערנער; א שוויריגקייט.

spi'nous *a.* (ספאי'–נאס) שטאכעלדיג, נאדעלדיג; מיט שטאכלען; שטעכיג; שפיציג.

spin out (ספין אוט) אויספערציהען, אויסציהען אין דער לענג; פערשלעפען.
Do not let us **spin out** the proceedings.

Spino'zism *n.* (ספי–נאו'–זיזם) שפינאזיזם, די פילאזאפישע לעהרע פון ברוך שפינאזא [געב. 1632, געשט. 1677]. שפינאזא האט געלערענט, אז אלץ וואס איז אין דער וועלט, איז אדער א "סובסטאנץ", ד. ה. אן "עפּעס" וואס האט אין זיך פערשיעדענע אייגענשאפטען, אדער אן "אטריבוט", ד. ה. א נויטווענדיגע אייגענשאפט, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דאס וועזען פון דער סובסטאנץ, אדער א "מאדוס", ד. ה. א צופעליגער צושטאנד אדער פארם, אין וועלכער עס געפינט זיך די סובסטאנץ. דאס אבסאלוטע אדער "גאט" איז די איינציגע סובסטאנץ, וועלכע איז אונבעגרענצט, אונענדליך, פאלקאם און איז כולל אין זיך די גאנצע וועלט. פון דער אונענדליכער צאהל אטריבוטען, וועלכע קענען זיין אנגעהעריג דיעזער איינציגער סובסטאנץ, זיינען דענקליך פאר אונז נור צוויי: אויסדעהנונג און געדאנק, און דיזע צוויי אטריבוטען צייגען זיך ארויס אין יעדען "מאדוס", ד. ה. אין יעדער איינצעלנער זאך פון דער וועלט. יעדער מאדוס, יעדע איינצעלנע זאך איז פון דעם שטאנדפונקט פון אויסדעהנונג — "מאטעריע", און פון שטאנדפונקט פון געדאנק — "גייסט". אויף אזא אופן זיינען גייסט און מאטעריע ניט צוויי בעזונדערע סובסטאנצען, נאר ביידע זיינען "אטריבוטען" אדער וועזענטליכע אייגענשאפטען פון איין איינציגער סובסטאנץ פון גאט, וועלכער איז אין דערזעלבער צייט אויך די וועלט.

Spino'zist *n.* (ספי–נאו'–זיסט) אן אנהענגער פון שפינאזא'ס פילאזאפיע. ז. *Spinozism*.

spin'ster *n.* (ספינ'–סטער) א שפינערין; אן עלטערע אונפערהייראטע פרוי; אן אונפערהייראטע פרוי; אן אלטע מויד.

spin'sterhood *n.* (ספינ'–סטער–הוד) דאס אונפערהייראטע לעבען [פון א פרוי]; דאס זיין אן אלטע מויד.

spin'stership *n.* (ספינ'–סטער–שיפ) ז. *spinsterhood*.

spin street'-yarn (ספין סטריעט'–יארן) זיך ארומשלאיען אין די גאסען, ארומגעהן פוסט און פאס; ארומגעהן דערצעהלען בבא־מעשיות.

spin'stress *n.* (ספינ'–סטרעס) א שפינערין.

spin'there *n.* (ספינ'–טהיער) אזא גרין־גרויער טיטאניט־שטיין.

spin'ule *n.* (ספינ'–יול) א קליינער שטאכעל, א קליינער דארן.

spin'ulose *a.* (ספינ'–יו–לאוס) בעוואקסען מיט קליינע שטאכלען.

spi'ny *a.* (ספאי'–ני) שטאכעלדיג, נאדעלדיג, שטעכיג; דערנערדיג; שוויריג, מיהזאם, פערפלאנטערט.

spir'acle *n.* (ספיר'–עקל) א לאך, אן עפנונג; א שוויים־פארע [א שווייס־לעכעל]; א לופט־רעהר, א לופט־עפנונג אין קערפער.

spirac'ular *a.* and *n.* (ספאי–רעק'–יו–לאר) וואס איז שייך צו אן אטעמונגס־עפנונג; צוגעפאסט צום אטעמען; אביינדעל אדער כראמשקע ביי דער אטעמונגס־עפנונג פון פיש.

spirac'ulum *n.* (ספאי–רעק'–יו–לאם) ז. *spiracle*.

Spiræ'a *n.* (ספאי–ריע'–א) א מין ראזען־פלאנצען מיט ווייסע אדער ראזע בלומען.

spi'ral *a., n.* and *v.* (ספאי'–רעל) ווי א שפיראלע, שפיראל־פערמיג; צונויפגעדרעהט; עהנליך צו א שרויפען־ליניע; א שפיראל־ליניע; א שרויפען־ליניע; א שפיראל־פעדער, א שפיראל־פרוזשינע; מאכען שפיראל־פערמיג.

spiral'ity *n.* (ספאי–רעל'–אי–טי) שפיראל־פערמיגקייט.

spi'ral line (ספאי'–רעל לאין) א שפיראל־ליניע [א ליניע געדרעהט ווי א שפיראלע]; א שרויפען־ליניע.

spi'rally *adv.* (ספאי'–רעל–אי) אויף דעם אופן פון א שפיראלע.

spi'rant *n.* (ספאי'–רענט) א ספיראנט, א הויך־לויט [א קאנזאנאנט וואס ווערט אויסגעשפראכען אויסהויכענדיג אדער ארויסלאזענדיג אטעם, ווי די בוכשטאבען *v*, *f* א. ד. ג.].

spira'tion *n.* (ספאי–ריי'–שאן) דאס הויכען, אטעמונג, א הויך.

spire *n.* and *v.* (ספאיר) א טורם־שפיץ; א שפיציגער טורם; א שפיץ; א דינער לאנגער גראז־שטענגעל; א שפיראלע; איין ווענדונג אדער איין רינגעל פון א שפיראלע; א מאטעמאטישע ליניע וואס בעשטעהט פון אן איינצעלנער וועדונג פון א שפיראלע; אין מינען — דער ראהר וואס פיהרט דעם צינדער צו דעם אויפרייס־פולווער אין שפרענג־לאך; דער זכר פון די רויטע הירשען אין זיין דריטען יאהר; בעזארגען מיט א שפיץ אדער שפיצען; אויסבויען מיט שפיציגע טורמס; אבשפיצען, מאכען מיט א שפיץ; אויסוואקסען מיט א שפיץ; ארויסלאזען שפיציגע ווארצעלעך [ווי קערנער ווען מען האלט זיי אין דער פייכטקייט].

Spires

spired *a.* (ספאירד) וואס האט א שפיציגען טורם [ווי א קלויסטער]; מיט א שפיץ, צוגעשפיצט.

spire'-light *n.* (ספאיר'–לאיט) א פענסטער אין א טורם־שפיץ.

spir'it *n.* and *v.* (ספיר'–איט) דער גייסט, די זעעלע, די נשמה; גייסט, מוטה, קוראזש, פייער, ענערגיע; א מענש מיט גייסט, ענערגיע, קוראזש א. ז. וו.; א גייסט, אן איבערנאטירליכעס וועזען, א מלאך, א רוח, א שד; דער גייסט, דער עסענץ, די ווירקליכע בעדייטונג [אין געגענזאץ צו דער בוכשטעבליכער]; ספּיריטוס, ספירים; א טינקטור [עטוואס אויפגעלעזט אין ספּיריטוס אלס א מעדיצין]; בעגייסטערען, אויפמונטערען, בעלעבען, ערמוטיגען; וועקפיהרען אין געהיים אדער מאכען פערשווינדען ווי דורך א רוח; בעהאנדלען מיט ספיריטוס.

Spir'it *n.* (ספיר'–איט) דער הייליגער גייסט [ביי די קריסטען].

spir'it-blue *n.* (ספיר'–איט–בלוה) אנאלין־בלוי [א פארב וואס מען בעקומט פון קויהל־טער און וואס ווערט צולאזען אין ספיריטוס].

spir'it-but'terfly *n.* (ספיר'–איט–באט'–ער–פלאי) אזא שמעטערלינג [זומער־פויגעלע] וואס געפינט זיך אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא.

spir'it-duck *n.* (ספיר'–איט–דאק) דער בופעל־קאפ [אזא אמעריקאנער קאטשקע וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר בליץ־שנעלען אונטערטונקען זיך אין וואסער].

spir'ited *a.* (ספיר'–אי–טעד) לעבהאפט, מונטער, מוטיג, בעלעבט, פייעריג; וואס האט א גייסט פון א בעשטימטען כאראקטער [ווערט געברויכט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער].

spir'itedly *adv.* (ספיר'–אי–טעד–לי) אויף א לעבהאפטען אופן; מונטער, מוטיג; מיט קוראזש; מיט פייער.

spir'itedness *n.* (ספיר'–אי–טעד–נעס) לעבהאפטיגקייט, מוטיגקייט, מונטערקייט.

spir'it-gum *n.* (ספיר'–איט–גאם) אזא

קלעפיגער שטאף וואס טריקענט שנעל [ווערט געברויכט פון אקטיארען צוצוקלעפען בערד א. ז. וו.].

spir'iting *n.* (ספיר'-אי-טינג) גייסטער־ארבייט, צויבעריי; ארבייט וואס ווערט געמאכט זעהר שנעל און שטיל ווי פון א גייסט.

spir'itism *n.* (ספיר'-אי-טיזם) ספיריטיזם, דאס גלויבען אין דעם פערקעהר פון גייסטער מיט מענשען. ז. *spiritualism*.

spir'itist *n.* (ספיר'-אי-טיסט) א ספיריטיסט, א גלויבער אין ספיריטיזם. ז. *spiritism*.

spiritis'tic *a.* (ספיר-אי-טיס'-טיק) ספיריטיסטיש, אין איינקלאנג מיט ספיריטיזם. ז. *spiritism*.

spir'it-lamp *n.* (ספיר'-איט-לעמפ) א ספיריטוס־לאמפ.

spir'itless *a.* (ספיר'-איט-לעס) מוטלאז, אהן מוטה, אהן קוראזש; נידערגעשלאגען, אומעטיג; לעבענסלאז, טויט.

spir'itlessly *adv.* (ספיר'-איט-לעס-לי) אויף א מוטלאזען אופן; אהן מוטה, אהן קוראזש; מיט נידערגעשלאגענהייט; אומעטיג; לעבענסלאז, טויט.

spir'itlessness *n.* (ספיר'-איט-לעס-נעס) מוטלאזיגקייט; אומעטיגקייט, נידערגעשלאגענקייט; אבגעלאזענקייט, לעבענסלאזיגקייט.

spir'it-lev'el *n.* (ספיר'-איט-לעוו'-על) א ניוועליער־וואג [ווי א וואסער־וואג א. ד. ג. צו מעסטען האריזאנטאלע פלעכען].

spir'it-me'ter *n.* (ספיר'-איט-מי'-טער) אן אפאראט צו מעסטען די מאס ספיריטוס וואס פליסט פון א דיסטיליר־ראהר.

spir'it of the age (ספיר'-איט אוו טהי איידזש) דער צייט־גייסט.

spir'it of tur'pentine (ספיר'-איט אוו טויר'-פען-טאין) טערפענטין־אויל.

spir'it of wine (ספיר'-איט אוו הוואין) אלקאהאל, ספיריטוס, בראנפען.

spirito'so *adv.* (ספיר-אי-טאו'-סאו) אין מוזיק — לעבהאפט, מונטער, ענערגיש.

spir'itous *a.* (ספיר'-אי-טאס) ווי ספיריטוס, ריין, ראפינירט.

spir'itousness *n.* (ספיר'-אי-טאס-נעס) דאס זיין ווי ספיריטוס, ריינקייט, ראפינירטקייט.

spir'it-rap'per *n.* (ספיר'-איט-רעפ'-ער) א גייסטער־קלאפער [איינער וואס גלויבט, אז ער קען ארויסרופען די גייסטער פון טויטע און זיך צונויפריידען מיט זיי דורך קלעפ וואס זיי גיבען אויף א טיש אלס ענטפער, אדער דורך דעם, וואס זיי מאכען, אז דער טיש זאל זיך שאקלען, טאנצען א. ד. ג.].

spir'it-rap'ping *n.* (ספיר'-איט-רעפ'-אינג) גייסטער־קלאפעריי [דאס גלויבען אין דער מעגליכקייט פון ארויסרופען די גייסטער פון טויטע און זיך צונויפריידען מיט זיי דורך די קלעפ וואס זיי גיבען אויף א טיש אדער דורך דעם וואס זיי מאכען, אז דער טיש זאל טאנצען א. ד. ג.].

spir'its *n.* (ספיר'-איטס) שפירט, ספיריטוס, אלקאהאל; מוטה, קוראזש, ענערגיע, פייער.

spir'it-stir'ring *a.* (ספיר'-איט-סטויר'-אינג) וואס וועקט, רעגט אויף אדער בעלעבט דעם גייסט.

spir'itual *a.* and *n.* (ספיר'-אי-טשו-על) גייסטיג, ניט קערפערליך, רוחניות'דיג; גייסטליך, קירכליך, הייליג; וואס איז שייך צום רוח הקדש; ספיריטיסטיש [ז. *spiritualism*]; וואס בעשטעהט בלויז פון גייסט; א גייסטיגע זאך; א גייסטליכער; א גייסטיגע פערזאן.

spir'itual court (ספיר'-אי-טשו-על קאורט) א קירכען־געריכט.

spiritualisa'tion *n.* (ספיר-אי-טשו-על-אי-זיי'-שאן) ז. *spiritualization*.

spir'itualise *v.* (ספיר'-אי-טשו-על-איז) ז. *spiritualize*.

spir'itualiser *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-אי-זער) ז. *spiritualizer*.

spir'itualism *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-איזם) ספיריטואליזם, די פילאזאפישע לעהרע וואס בעהויפטעט, אז דאס גייסטיגע וועזען [אין געגענזאץ צו מאטעריע] האט א זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ און איז דער עיקר פון אלע ערשיינונגען [ז. *idealism*]; די לעהרע אז דער מענש בעזיצט אן אונשטערבליכען גייסט און ער האט מאראלע בעציהונגען צו גאט; ספיריטיזם, דאס גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער וועלכע שטעהען אין פערבינדונג מיט מענשען [מייסטענס דורך א מעדיום]; גייסטיגקייט, דאס זיין גייסטיג.

spir'itualist *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-איסט) א ספיריטואליסט, אן אנהענגער פון ספיריטואליזם; א ספיריטיסט, איינער וואס גלויבט אין ספיריטיזם [ז. *spiritualism*]; א גייסטיגער, א גייסטליכער.

spiritualis'tic *a.* (ספיר-אי-טשו-ע-ליס'-טיק) ספיריטואליסטיש, וואס איז שייך צו ספיריטואליזם; ספיריטיסטיש; וואס איז שייך צו ספיריטיזם. ז. *spiritualism*.

spiritual'ities *n.* (ספיר-אי-טשו-על'-אי-טיז) די קירכליכע הכנסות פון א גייסטליכען; זאכען וואס בעלאנגען צו א קירך אדער צו א קירכען־בעאמטען.

spiritual'ity *n.* (ספיר-אי-טשו-על'-אי-טי) גייסטיגקייט; רוחניות'דיגקייט; דאס וואס געהערט צו דער קירך.

spiritualiza'tion *n.* (ספיר-אי-טשו-על-אי-זיי'-שאן) פערגייסטיגונג; די גייסטיג־מאכונג; דאס ציהען ספיריטוס.

spir'itualize *v.* (ספיר'-אי-טשו-על-איז) פערגייסטיגען, מאכען גייסטיג; צוגעבען א גייסטיגע בעדייטונג; בעלעבען; ציהען ספיריטוס; פערוואנדלען אין ספיריטוס.

spir'itualizer *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-אי-זער) א פערגייסטיגער, איינער וואס מאכט גייסטיג; איינער וואס בעלעבט.

spir'itual life (ספיר'-אי-טשו-על לאיף) דאס גייסטיגע לעבען.

spir'itually *adv.* (ספיר'-אי-טשו-על-אי) אויף א גייסטיגען אופן; אין א גייסטיגען זין; אזוי ווי א גייסט.

spir'itual-min'ded *a.* (ספיר'-אי-טשו-על-מאינ'-דעד) וואס דענקט בלויז וועגען גייסטיגע זאכען; רעליגיעז געזאנען.

spir'itual-min'dedness *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-מאינ'-דעד-נעס) דאס זיין פערטהאן אין גייסטיגע זאכען; דאס זיין רעליגיעז געזאנען.

spir'itualness *n.* (ספיר'-אי-טשו-על-נעס) גייסטיגקייט.

spir'itual philos'ophy (ספיר'-אי-טשו-על פי-לאס'-א-פי) די ספיריטואליסטישע פילאזאפיע. ז. *spiritualism*.

spirituelle' *a.* (ספיר-אי-טיו-על') גייסטרייך, גראציעז אדער דעליקאט [בעזאנדערס וועגען א פרוי].

spirituos'ity *n.* (ספיר-אי-טשו-אס'-אי-טי) גייסטיגקייט, אונקערפערליכקייט; דער ספיריטוס־אינהאלט, דער אלקאהאל־אינהאלט; די ספיריטוס־שטארקייט.

spirituo'so *adv.* (ספיר-אי-טשו-או'-סאו) ז. *spiritoso*.

spir'ituous *a.* (ספיר'-אי-טשו-אס) וואס ענטהאלט ספיריטוס, וואס ענטהאלט פיעל אלקאהאל, שטארק; דיסטילירט.

spir'ituousness *n.* (ספיר'-אי-טשו-אס-נעס) דאס ענטהאלטען אלקאהאל אדער ספיריטוס, שטארקייט [פון ספיריטוס]; דאס זיין דיסטילירט.

spir'itus *n.* (ספיר'-אי-טאס) ספיריטוס; אן אטעם־צוג.

spir'it-world *n.* (ספיר'-איט-הווארלד) די גייסטער־וועלט.

spirom'eter *n.* (ספאי-ראמ'-ע-טער) א ספיראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם אינהאלט אדער קאפאציטעט פון מענשליכע לונגען].

spi'rophore *n.* (ספאי'-רא-פאור) אן אפאראט פאר קינסטליכער אטעמונג.

spirt *n.* and *v.* (ספוירט) ז. *spurt*.

spir'ula *n.* (ספיר'-או-לא) דאס פאסט־הערנדעל [אזא מין טינט־פיש וואס האט א שפיראל־פערמיגע מושעל אויף דעם הינטערשטען טייל פון קערפער].



Spirula

spir'ulate *a.* (ספיר'-או-לייט) שפיראל־פערמיג.

spir'y *a.* (ספאיר'-אי) וואס האט די פארם פון א שפיציגען טורם אדער פון א פיראמידע; שפיציג, טורמדיג; איבערפילט מיט טורמס; שפיראל־פערמיג; געדרעהט.

spis'sated *a.* (ספיס'-איי-טער) פערדיכטעט, געדיכט.

spis'situde *n.* (ספיס'-אי-טיוד) געדיכטקייט.

spit *n.* and *v.* (ספיט) א בראט־שפיז; א שפיץ לאנד וואס דרינגט אריין אין ים; שפייעכץ; דאס שפייען; א שפיי; א קליינער דינער רעגען אדער שנעע; א שפייעכץ־עהנליכע פליסיגקייט ביי פערשיעדענע אינזעקטען; דורכשטעכען מיט א בראט־שפיז, ארויפשטעכען אויף א בראט־שפיז; בראטען אויף א בראט־שפיז; ארויפשטעקען אויף א שטענגעל אדער שטעקען און עס אויפהענגען צום טריקענען; שפייען; אנשפייען; דין רעגענען; אויפגראבען מיט א לאפעטע די ערד, פלאנצען דורך אויפגראבען די ערד מיט א לאפעטע.

spit'ball *n.* (ספיט'-באהל) א צונויפגעקייטער פאפיער־באל צום ווארפען.

spit'box *n.* (ספיט'-באקס) א שפיי־קעסטעל.

spitch'cock *n.* and *v.* (ספיטש'-קאק) אן אאל [וויונע] וואס איז געשפאלטען אין דער לענג און געבראטען; שפאלטען אן אאל אין דער לענג און אבבראטען.

spit'-curl *n.* (ספיט'-קוירל) א געקרייזעלטער האר־לאק אויף'ן שטערען.

spite *n.* and *v.* (ספאיט) א טראץ, א להכעיס; בייזהייט, ערגערניס, פערדרוס; אן אונגליק, א צרה; טראצען, להכעיס טהאן, ערגערען, קרענקען; האסען, בעהאנדלען מיט שנאה אדער בייזקייט.

spite'ful *a.* (ספאיט'־פול) פיינדזעליג, בייז, להכעיס'דיג.

spite'fully *adv.* (ספאיט'־פול־אי) אויף א שענדליכען אופן; אויף א להכעיס'דיגען, בייזוויליגען אדער פיינדזעליגען אופן.

spite'fulness *n.* (ספאיט'־פול־נעס) להכעיס'דיגקייט; פיינדזעליגקייט, בייזוויליגקייט.

spit'fire *n.* (ספיט'־פאיר) א כעסן, א היץ־קאפ.

spit on (ספיט אן) "שפייען אויף", שענדליך אדער בעליידיגענד בעהאנדלען.

spit'-poi'son *n.* (ספיט'־פאי'זן) א בייז־זער, גיפטיגער מענש.

spit'-rack *n.* (ספיט'־רעק) א בראט־שפיזן געשטעל [אזא אייזערנער געשטעל צו האלטען די בראט־שפיזען ביים בראטען פלייש].

spit'ted *a.* (ספיט'־עד) ארויפגעשטאכען אויף א בראט־שפיז, דורכגעשטאכען מיט א בראט־שפיז; אויסגעוואקסען בלויז אין א שפיץ אבער אהן צווייגען [ווענען די הערנער פון א הירש].

spit'ter *n.* (ספיט'־ער) איינער וואס שטעכט אן פלייש אויף א בראט־שפיז; א שפייער; א יונגער הירש וואס זיינע הערנער זיינען בלויז אויסגעוואקסען אין שפיצען אבער נאך אהן צווייגען.

spit'ting *n.* (ספיט'־אינג) דאס שפייען; דאס שפריצען פון געשמאלצענעם זילבער אדער פלאטין אין דער צייט פון אבקיהלונג [ווען געשמאלצענעס זילבער אדער פלאטין ווערט לאנגזאם אבגעקיהלט פאנגען אן ביי דעם ענד פון דער אבקיהלונג זיך ארויסרייסען גאזען, וועלכע רייסען מיט זיך מיט שטיקלעך מעטאל, וואס דורך דעם ווערט די אויבערפלעכע אויסגעמאלט אין פערשידענע אוזארען].

spit'tle *n.* (ספיטל) שפייעכץ; אזא קליינע לאפעטע.

spit'tly *a.* (ספיט'־לי) ענליך צו שפייעכץ; שליימיג.

spittoon' *n.* (ספי־טוהן') א שפיי־קעסטעל, א שפיי־שיסעלע.

spit upon' (ספיט א־פאן') *ז.* **spit on**

spit'-ven'om *n.* (ספיט'־ווענ'־אם) גיפט־שפייעכץ, גיפטיגע שפייעכץ.

spitz *n.* (ספיטס) א שפיץ־הונד [אזא קליין הינטעלע].

spitz'-dog *n.* (ספיטס'־דאג) *ז.* **spitz**

splanch'nic *a. and n.* (ספלענק'־ניק) וואס געהערט צו דער איננעוווייד; א נערוו פון איננעוווייד.

splanchnol'ogy *n.* (ספלענק־נאל'־א־דזשי) די לעהרע וועגען דער איננעוווייד.

splash *v. and n.* (ספלעש) שפריצען; בעגיסען אדער בעשפריצען מיט וואסער; בעפּוצען מיט שפּרענקעלעך ווי בעשפריצט; פליושקען, פלעסקען זיך אין וואסער; א פלעסק [פליושק] טהאן, פאלען מיט א פלעסק [א פליושק]; א בעשפריצונג [פון וואסער אדער אנדער פליסיגקייט]; א פלעשטש אדער פליוכע [פון וואסער אדער בלאטע]; א שמוץ־פלעק, א פלעק פון בלאטע; א פלעק אויף דער הויט; שמינקע, געזיכטס־פודער; אן ארט איז וואסער וואו א פיש ווארפט ארויס זיינע רויגען [איקרע].

splash'-board *n.* (ספלעש'־באורד) א שפריץ־ברעט [דאס ברעט אין פארענט פון א וואגען אדער קארעטע וואס שיצט די פאסאזשירען, אז זיי זאלען ניט בעשפריצט ווערען מיט בלאטע אדער שמוץ וואס ווערט געווארפען פון דעם פערד'ס פיס].

splash'er *n.* (ספלעש'־ער) א שפריצער; דאס געשפריצטע; א פארריכטונג וואס שיצט פון בעשפריצט צו ווערען; א שפריץ־ברעט [אזא ברעט איבער די רעדער אדער אין פארענט פון א וואגען צו שיצען די פאסאזשירען פון בעשפריצט צו ווערען מיט בלאטע].

splash'-wing *n.* (ספלעש'־ווינג) *ז.* **splash-board**

splash'y *a.* (ספלעש'־אי) בלאטיג, קויטיג, שמוציג.

splat'ter *v.* (ספלעט'־ער) זיך פליושקען אדער פלעסקען [ווי אין וואסער]; א פליוך טהאן; מאכען א גערויש ווי פון א פליוך אדער פלעסק פון וואסער.

splat'ter-dash *n.* (ספלעט'־ער־דעש) א ליארם, א טומעל, אן אויפרוהר.

splat'ter-faced *a.* (ספלעט'־ער־פייסט) מיט א ברייטען אדער פלאטשיגען פנים.

splay *v., n. and a.* (ספליי) אויסלינקען [ווי די פליייצע פון א פערד]; מאכען שרעג אדער משופע ווי די זייטען פון א פענסטער אין א דיקער מויער־וואנד; אויפשניידען, אויסלעגען, אויסשפרייטען, ארויסשטעלען צום אנזיכט; א שרעגע אדער משופע'דיגע פלעכע ווי די זייטען פון א פענסטער אדער טהיר אין א דיקער מויער־וואנד; אויסגעשפרייט, אויסגעלעגט; ברייט און פלאך; אונגעלומפערט.

splay'-foot *n. and a.* (ספליי'־פוט) א ברייטער פלאכער פוס וואס איז אביסעל אויסגעבויגען נאך אויסען; וואס האט ברייטע און פלאכע אויסגעבויגענע פיס; קרום־פיסיג.

splay'-foot'ed *a.* (ספליי'־פוט'־עד) קרום־פיסיג; וואס האט ברייטע און פלאכע אויסגעבויגענע פיס.

splay'-mouth *n.* (ספליי'־מאוטה) א גרויס, ברייט מויל; א ברייט, גרויס מויל וואס ווערט געמאכט דורך א גרימאסע.

splay'-mouthed *a.* (ספליי'־מאוטהט) מיט א ברייטען, גרויסען מויל; וואס מאכט א ברייט, גרויס מויל, ווי דורך א גרימאסע.

spleen *n. and v.* (ספליען) די מילץ; מעלאנכאליע, מרה־שחורה; צארן, ערגער, בייזקייט; ארויסנעהמען אדער צושטערען די מילץ.

spleen'ful *a.* (ספליענ'־פול) ערגערליך, פערדריסליך; מעלאנכאליש, מרה־שחורה'דיג.

spleen'fully *adv.* (ספליענ'־פול־אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה־שחורה'דיגען אופן; ערגערליך, פערדריסליך.

spleen'ish *a.* (ספליענ'־איש) נערוויצט, רייצבאר; ערגערליך, בייז; מעלאנכאליש, מרה־שחורה'דיג.

spleen'ishly *adv.* (ספליענ'־איש־לי) מיט נערוויצטקייט; ערגערליך, בייז.

spleen'ishness *n.* (ספליענ'־איש־נעס) מעלאנכאליע, מרה־שחורה; דאס זיין מעלאנכאליש אדער מרה־שחורה'דיג; ערגער, בייזקייט.

spleen'less *a.* (ספליענ'־לעס) אהן א מילץ; ניט ערגערליך, גוטמוטיג.

spleen'y *a.* (ספליענ'־אי) ערגערליך, בייז, אויפגערעגט, אויפגערייצט, רייצבאר.

splenal'gia *n.* (ספלי־נעל'־דזשי־א) מילץ־שמערצען.

splenal'gic *a.* (ספלי־נעל'־דזשיק) וואס לייִדעט פון מילץ־שמערץ.

splenal'gy *n.* (ספלי־נעל'־דזשי) *ז.* **splenalgia**

splenaux'e *n.* (ספלי־נאהק'־סיע) אויסברייטונג אדער פערגרעסערונג פון דער מילץ.

splen'dent *a.* (ספלענ'־דענט) גלאנצענד, שיינענד; פרעכטיג, גלענצענד.

splen'did *a.* (ספלענ'־דיד) גלענצענד, פרעכטיג, הערליך; אויסגעצייכענט, גרויסארטיג.

splen'didly *adv.* (ספלענ'־דיד־לי) אויף א גלענצענדען אופן; פרעכטיג; גרויסארטיג, אויסגעצייכענט.

splen'didness *n.* (ספלענ'־דיד־נעס) דאס זיין גלענצענד; פרעכטיגקייט, הערליכקייט.

splendif'erous *a.* (ספלענ־דיפ'־ע־ראס) *ז.* **splendid**

splen'dor *n.* (ספלענ'־דאר) גלאנץ, פראכט; עלעגאנץ, הערליכקייט.

splen'dorous *a.* (ספלענ'־דאר־אס) גלענצענד, העל, פרעכטיג.

splen'dor prune (ספלענ'־דאר פרוהן) אזא אמעריקאנישע פלוים. *ז. איל.* ***"Cultivated Fruits"***

splen'dour *n.* (ספלענ'־דאר) *ז.* **splendor**

splen'drous *a.* (ספלענ'־דראס) *ז.* **splendorous**

splenec'tomy *n.* (ספלי־נעק'־טא־מי) אויסשניידונג פון דער מילץ.

splenecto'pia *n.* (ספליע־נעק־טאו'־פי־א) א ניט ריכטיגע לאגע פון דער מילץ.

splenet'ic *a. and n.* (ספלי־נעט'־איק) וואס איז שייך צו דער מילץ; וואס לייִדעט פון מילץ־קראנקהייט; בייז, אויפגערעגט; אומעטיג, מעלאנכאליש, מרה־שחורה'דיג; רייצבאר; איינער וואס לייִדעט פון מילץ־קראנקהייט; א מעלאנכאליקער, א מרה־שחורה'ניק.

splenet'ical *a.* (ספלי־נעט'־אי־קעל) בייז, רייצבאר, אויפגערעגט; אומעטיג, מעלאנכאליש, מרה־שחורה'דיג.

splenet'ically *adv.* (ספלי־נעט'־אי־קעל־אי) אויף א מעלאנכאלישען אדער מרה־שחורה'דיגען אופן; אויפגערייצט, בייז.

splen'ic *a.* (ספלענ'־איק, ספליענ'־איק) פון דער מילץ, וואס געהערט צו דער מילץ.

splen'ic vein (ספלענ'־איק וויין) דער מילץ־אדער, דער אדער וואס פיהרט דאס בלוט פון דער מילץ צום פארטע־אדער פון לעבער]. *ז. איל.* ***"Bloodvessels of the Human Body"***

splenisa'tion *n.* (ספליע־ני־זיי'־שאן) *ז.* **splenization**

splenit'ic *a.* (ספלי־ניט'־איק) וואס לייִדעט פון מילץ־ענטצינדונג.

spleni'tis *n.* (ספלי־נאי'־טיס) מילץ־ענטצינדונג.

splen'itive *a.* (ספלענ'־אי־טיוו) היציג, לייִדענשאפטליך; רייצבאר, צארנדיג.

sple'nius *n.* (ספליע'־ני־אס) אזא ברייט־ער מוסקול אויף דער פלייצע.

spleniza'tion *n.* (ספליע־ני־זיי'־שאן) די פערוואנדלונג פון די לונגען דורך ענטצינדונג אין א מילץ־ענליכען שטאף.

sple'nocele *n.* (ספליע'־נא־סיל) א מילץ־געשווילעכץ; א מילץ־ברוך.

splenodyn'ia *n.* (ספלי־נא־דינ'־אי־א) שמערצען אין דער מילץ.

splenog'raphy *n.* (ספלי־נאג'־רע־פי) די אנאטאמישע בעשרייבונג פון דער מילץ.

splenol'ogy *n.* (ספלי־נאל'־א־דזשי) די לעהרע וועגען דער מילץ.

splenomala'cia *n.* (ספליע־נא־מע־ליי'־סי־א) די פערווייכונג פון דער מילץ.

splenop'athy *n.* (ספלי-נאפ'-ע-טהי) מילץ־קראנקהייט.

splenot'omy *n.* (ספלי-נאט'-א-מי) די אנאטאמיע פון מילץ.

spleu'chan *n.* (ספלוה'-כען) א בייטעל; א טאבאק־בייטעל.

splice *v. and n.* (ספלאיס) פעראייניגען אדער פערבינדען צוויי שטיקער מעטאל, האלץ א. ד. ג.; צוזאמענפלעכטען צוויי עקען פון א שטריק; הייראטען; פערהייראטען; די צונויפפלעכטונג פון צוויי ענדען פון א שטריק; די פעראייניגונג אדער פערבינדונג פון צוויי שטיקער האלץ אדער מעטאל.


Splices of Ropes

splice'-piece *n.* (ספלאיס'-פיעס) א פלאטע וואס פעראייניגט די ענדען פון צוויי אייזענבאהן־שיענען [רעלסען].

spli'cer *n.* (ספלאי'-סער) א צונויפפלעכטער פון שטריק, א געצייג צונויפצופלעכטען די ענדען פון שטיקער שטריק.

splice the main brace (ספלאיס טהי מיין בריים) נעהמען א גלעזעל משקה [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

spli'cing-fid *n.* (ספלאי'-סינג-פיד) אזא שפיציגעס האלץ־פלעקעל וואס ווערט בענוצט אויף שיפען אויפצודריבלען די ענדען פון שטריק ווען מען דארף זיי צונויפפלעכטען איינע מיט די אנדערע.

spli'cing-ham'mer *n.* (ספלאי'-סינג-העמ'-ער) א האמער מיט א שפיץ.

spline *n. and v.* (ספלאין) א פיערקאנטיגער קייל אדער קלין וואס ווערט אריינגעשלאגען אין דעם אויסשניט פון אן אקס און פון דעם ראד וואס זיצט אויף איהם, כדי זיי זאלען זיך דרעהען צוזאמען און ניט בעזונדער; א ווייך שטיקעל האלץ אדער גומיע וואס א צייכנער בענוצט צום אנווארפען גרויסע געבויגענע ליניען; אריינפאסען א קייל אדער קלין אין א ראד מיט אן אקס.

splint *n. and v.* (ספלינט) א שפאן; א שפליטער; א דינער האלץ־שטרייף וואס ווערט בענוצט צו פלעכטען קערב, שטוהליזיצע א. ד. ג.; א דין, בויגזאם ברעטעל פון האלץ אדער מעטאל וואס ווערט בענוצט פאר פערשיעדענע צוועקען; א ברעטעל איינצובינדען א צובראכענעם ביין, אז ער זאל צוריק צונויפוואקסען; דער איבערביין [אזא קליין אונענטוויקעלט ביינדעל אין דעם פוס פון א פערד]; איינבינדען מיט ברעטלעך [ווי א צובראכענער גליעד].

splint'-ban'dage *n.* (ספלינט'-בענ'-רעדזש) א שטייפער באנדאזש [פון גיפס, גומיע א. ז. וו.].

splint'-bone *n.* (ספלינט'-באון) דער איבערביין [אזא קליין אונענטוויקעלט ביינדעל אין דעם פוס פון א פערד]; דער ביין פון פוס צו וועלכען עס איז צוגעוואקסען די איקרע.

splint'-bot'tomed *a.* (ספלינט'-באט'-אמד) מיט א דעק אדער זיץ וואס איז אויסגעפלאכטען פון לאנגע און דינע שפענער אדער שטרייפען.

splint'-coal *n.* (ספלינט'-קאול) שיעפער־קויהל, שפליטער־קויהל [אזא מין קויהלען וואס זיינען בלעטערדיג ווי שיעפער־שטיין].

splin'ter *n. and v.* (ספלינ'-טער) א שפאן, א שפליטער; צושפאלטען; זיך צושפאלטען.

splin'ter-bar *n.* (ספלינ'-טער-באר) דאס קווער־שטענגעל אין פארענט פון א וואגען צו וועלכען עס ווערען צוגעבונדען די שטרענגעס; דער קווער־שטענגעל פון א וואגען וואס שטיצט אונטער די רעסארען [פרוזשינעס].

splin'ter-bone *n.* (ספלינ'-טער-באון) דער ביין פון פוס צו וועלכען עס איז אנגעוואקסען די איקרע.

splin'tery *a.* (ספלינ'-טער-אי) שייליג, שפאלטיג; שפליטעריג, שופיג.

split *v., n. and a.* (ספליט) שפאלטען, צושפאלטען; צורייסען; צוטיילען; זיך שפאלטען; פלאצען; פלאצען פאר געלעכטער; זיך פאנאנדערגעהן אין מיינונגען; ניט איינשטימען; אויסזאגען פון חדר, פערראטען א געהיימניס, אויסזאגען איינעמענס א סוד; שטימען פאר קאנדידאטען פון געגענגעזעצטע פארטייען; געהן מיט גרויסע שפרייזען; א שפאלט; א ריס; א שפאלטונג; א פארטיי־שפאלטונג; אן אבשפאלטונג; אן אבגעשפאלטענעס שטיק; געשפאלטען, צוריסען, צוטיילט; גערייניגט, צוגעריכטעט און איינגעפעקעלט [ווענען פיש].

split'-back *a.* (ספליט'-בעק) מיט א לעהן געפלאכטען פון שפענער אדער שטרייפען [ווי למשל, א שטוהל].

split'-bot'tomed *a.* (ספליט'-באט'-אמד) ז. *splint-bottomed*.

split cloth (ספליט קלאהטה) א פיעלטייליגער קאפ־באנדאזש [א באנדאזש וואס בעשטעהט פון איין צענטראלען טייל און פון זעקס אדער אכט עקען מיט וועלכע מען פערוויקעלט און פערבינדעט].

split'foot *n.* (ספליט'-פוט) דער טייוועל.

split gear (ספליט גיער) א בעטריעבס־ראד וואס איז געמאכט פון צוויי טיילען.

split hairs (ספליט העהרז) שפאלטען האר, זיך גריבלען, מדקדק זיין כחוט השערה, מקפיד זיין אויף דעם קלענסטען אונטערשיעד.

split in the ranks (ספליט אין טהי רענקס) א צושפאלטונג אין די רייהען, א צושפאלטונג אין א פארטיי, אין א פעראיין א. ז. וו.

split one's vote (ספליט הוואנז וואוט) שטימען פאר קאנדידאטען פון פערשיעדענע פארטייען.

split pease (ספליט פיעז) אבגעשיילטע און געשפאלטענע ארבעס.

splits *n.* (ספליטס) געשפאלטענע פעל צו מאכען לעדער; א גימנאסטישער אדער אקראבאטישער קונץ זיך אוועקצוזעצען מיט ווייט פאנאנדערגעשפרייטע פיס; שפאלטען, ריסען, שפאלטונגען. ז. *split*.

split'ter *n.* (ספליט'-ער) א שפאלטער; א געצייג צום שפאלטען; א האר־שפאלטער, א גריבלער · אזא מין טייערער קוכען וואס ווערט געבאקען ווי וואפעלען.

split'ting *a.* (ספליט'-אינג) 1. שפאלטענד; 2. זעהר שטארק, זעהר העפטיג; 3. זעהר שנעל.

2. He is suffering from a **splitting** headache.
3. He ran at a **splitting** pace.

split'ting-machine' *n.* (ספליט'-אינג-מע-שין') א שפאלט־מאשין; א מאשין צו שפאלטען פעל צו מאכען לעדער.

splotch *n.* (ספלאטש) א שמוציגער פלעק, א שמיער־פלעק.

splotch'y *a.* (ספלאטש'-אי) פלעקיג, איינגעשמיערט מיט שמוץ־פלעקען.

splurge *n. and v.* (ספלוירדזש) 1. א שרייעדיגע אדער ליארמדיגע דעמאנסטראציאן; דאס ציהען אויף זיך פיעל אויפמערקזאמקייט; 2. אן אויפרוהר, אן אויפרודערונג; 3. מאכען א ליארמדיגע דעמאנסטראציאן, וואס ציהט אויפמערקזאמקייט; 4. אויפרודערען.

2. They are making a **splurge** in the social life of the town.

splur'gy *a.* (ספלויר'-דזשי) וואס שטעלט זיך ארויס, וואס מאכט א גערודער, וואס ציהט אויף זיך פיעל אויפמערקזאמקייט.

splut'ter *v. and n.* (ספלאט'-ער) שפריצען מיט א גערויש; שפריצען פון מויל; ריידען שנעל און ניט קלאר; ארויסשטאמלען, ארויסלאזען האסטיג און ניט דייטליך; א טומעל, אן אויפרוהר.

spod'omancy *n.* (ספאד'-א-מענ-סי) טרעפען אדער זאגען נביאות דורך אש.

spodoman'tic *a.* (ספאד-א-מענ'-טיק) וואס איז שייך צו נביאות־זאגעריי דורך אש.

spod'umene *n.* (ספאד'-יו-מין) ספאדומען [אזא גרינליכער פעלז־שפאט].

spof'fish *a.* (ספאפ'-איש) טומעלדיג; זיך ארויסשטעלענדיג.

spof'fy *a.* (ספאפ'-אי) ז. *spoffish*.

spoil *v. and n.* (ספאיל) רויבען, בערויבען; פלינדערען, פערוויסטען; פערדארבען, פערניכטען; פערדארבען ווערען; רויב, קריעגס־רויב; די גוט־בעצאהלטע עמטער, וואס די פיהרער אדער די אגיטאטארען פון א פאליטישער פארטיי קריגען, ווען זי זיעגט ביי די וואהלען; רויבעריי, פלינדערונג; פערדארבונג, פערניכטונג; די אויסגעגראבענע ערד [ביים גראבען טונעלען, קאנאלען, מינען א. ז. וו.].

spoil'able *a.* (ספאיל'-עבל) וואס מען קען פערדארבען, וואס קען פערדארבען ווערען.

spoil'age *n.* (ספאיל'-עדזש) דאס פאפיער וואס ווערט פערדארבען אדער פאלט אב ביים דרוקען.

spoil'er *n.* (ספאיל'-ער) א רויבער, א פלינדערער; א פערדארבער, א פערוויסטער.

spoil'-five *n.* (ספאיל'-פאיוו) אזא קארטען־שפיעל, ביי וועלכען פינף קארטען ווערען אויסגעטיילט צו יעדען שפיעלער.

spoil'-pa'per *n.* (ספאיל'-פיי'-פער) א שמיערער, א שרייבערעל [א פאפיער־פערדארבער].

spoils *n.* (ספאילז) די גוט בעצאהלטע עמטער, וואס די פיהרער אדער די אגיטאטארען פון א פאליטישער פארטיי קריעגען, ווען זי זיעגט ביי די וואהלען.

spoils'man *n.* (ספאילז'-מען) איינער וואס ארבייט פאר א פאליטישער פארטיי אום צו קריעגען א גוט בעצאהלטען אמט ווען זי וועט זיעגען; איינער וואס איז אן אנהענגער פון דער סיסטעם, דאס די טהעטיגע פארטיי־מיטגליעדער זאלען בעלוינט ווערען מיט רעגיערונגס־עמטער, ווען די פארטיי זיעגט.

spoils'monger *n.* (ספאילז'-מאנ-גער) איינער וואס פערטיילט פאליטישע רויב [רעגיערונגס־עמטער צו די טהעטיגע מיטגליעדער פון דער פארטיי וואס האט געזיעגט].

spoil'-sport *n.* (ספאיל'-ספאורט) א שפאס־פערדארבער, א פערגניגען־צושטערער.

spoils sys'tem (ספאילז סיס'-טעם) די סיסטעם צו בעלוינען מיט רעגיערונגס־עמטער די פערזאנען, וועלכע זיינען גע־

וועו טהעטיג פאר דער פארטיי, וועלכע האט געזיעגט.

spoke *n. and v.* (ספאוק) א ספיצע אָדער שפּייכע פון א ראד [איינס פון די שטעקעלעך פון א ראד וועלכע זיינען אריינגעשטעקט צווישען דער נאבע און דעם רייף]; א שפּאקע [איינס פון די שטעקלעך פון א שטייער־ראד פון א שיף]; א טרעפעל פון א לייטער; א שטעקעל אדער שטענגעל מיט וועלכען מען פערהאלט א ראד, אז עס זאל זיך ניט דרעהען; אריינשטעלען שפייכען אין א ראד; פערהאלטען א ראד מיט א שטעקעל, אז עס זאל זיך ניט דרעהען; גערעדט, געשפראכען [ז. *speak*].

spoke'-bone *n.* (ספאוק'–באון) דאס שפינדעל [איינער פון די צוויי לאנגע ביינער פון דעם פאדער־ארם]. ז. *radius*.

spo'ken *a.* (ספאוקן) גערעדט, געשפראכען. ז. *speak*.

spoke'-shave *n.* (ספאוק'–שייוו) א שפייכען־הובעל [אזא געצייג וואס וואגענמאכער אדער טישלער געברויכען צו הובלען די שפייכען אדער ספיצעס פון א ראד און פאר אנדערע צוועקען].

Spoke-shave

spokes'man *n.* (ספאוקס'–מען) א ווארטפיהרער, א פארשפרעכער, איינער וואס ווערט ארויסגעשטעלט צו ריידען פאר אנדערע; א פערטרעטער.

spo'king-machine' *n.* (ספאו'–קינג–מע-שין') אן אפאראט איינצופאסען די שפייכען אדער ספיצען פון א ראד.

spo'lia opi'ma (ספאו'–לי–א א–פאי'–מא) אין אלטען רוים—די בעסטע קריעגסרויב; א ווערטהפאלע רויב.

spo'liary *n.* (ספאו'–לי–ע–רי) דער פלאץ אין אמאליגען רוימישען אמפיטעאטער, וואו מען פלעגט אראבציהען די קליידער פון די גע'הרג'עטע גלאדיאטארען. ז. *gladiator*.

spo'liate *v.* (ספאו'–לי–אייט) רויבען; בערויבען, פלינדערען.

spolia'tion *n.* (ספאו–לי–איי'–שאן) בערויבונג, פלינדערונג; פערניכטונג, צושטערונג; דאס רויבען, דאס פלינדערען; דאס פערנעהמען אונגעזעצליך די איינקינפטע פון א קירכען־גוט; א שריפט צו נעהמען אין בעזיץ א קירך אדער איהרע איינקינפטע; אן ענדערונג אדער בעשעדיגונג, וואס ווערט געמאכט אין א דאקומענט פון א זייטיגער פערזאן; דאס פערברעכען פון פערניכטען די דאקומענטען פון א שיף [דורך דעם קאפיטאן אדער אנדערע שיפסבעאמטע], אויף וועלכער מען האט א חשד, אז זי פיהרט קריעגס־קאנטראבאנד אדער אז זי געהערט צום שונא.

spo'liative *a.* (ספאו'–לי–איי–טיוו) פערמינדערענד, אבנעהמענד; אבצאפענדיג דאס בלוט.

spo'liator *n.* (ספאו'–לי–איי–טאר) א רויבער, א פלינדערער.

spo'liatory *a.* (ספאו'–לי–איי–טא–רי) בערויבענד, פלינדערענד.

sponda'ic *a.* (ספאנ–דיי'–איק) ספאנדעאיש, וואס איז שייך צו אדער וואס בעשטעהט פון א ספאנדעאוס; וואס דער פינפטער פערזען־פוס איז א ספאנדעאוס. ז. *spondee*.

sponda'ical *a.* (ספאנ–דיי'–אי–קעל) ז. *spondaic*.

spon'dee *n.* (ספאנ'–דיע) א ספאנדעאוס, א פערזען־פוס וואס בעשטעהט פון צוויי לאנגע אדער צוויי גלייך־בעטאנטע זילבען.

spondu'lics *n.* (ספאנ–דיו'–ליקס) געלד.

spon'dyl *n.* (ספאנ'–דיל) ז. *spondyle*.

spondylal'gia *n.* (ספאנ–די–לעל'–דזשי–א) שמערצען אין רוקען־ביין.

spon'dyle *n.* (ספאנ'–דיל) א צונויפשליסונג; א פעראייניגונג אדער צונויפבינדונג פון צוויי טיילען; איינער פון די פערבינדונגס־ביינדלעך פון וועלכע דער רוקען־ביין איז צונויפגעשטעלט.

sponge *n. and v.* (ספאנדזש) א שוואם, א גאמקע; א שוואם־עהנליכער שטאף [ווי אויפגעגאנגענע פוקע טייג, גוס־מעטאל פול מיט לעכעלעך א. ד. ג.]; א קאנאנען־רייניגער [א געצייג צו רייניגען הארמאטען]; איינער אדער עטוואס וואס זויגט אין זיך לייכט אריין און גיט פון זיך דאס איינגעזויגענע לייכט ארויס, אזוי ווי א שוואם; איינער וואס לעבט אויף'ן אנדערענס חשבון, א פאראזיט; אבּרייבען אדער אבווישען מיט א שוואם; איינזויגען; דעגודירען טוך [נעצען און דאמפפען טוך בעפאר דעם נעהען]; אויסזויגען, אויסדריקען, בערויבען, פלינדערען; לעבען פון יענעמס הארעוואניע; זאמלען שוואמען.

sponge'-cake *n.* (ספאנדזש'–קייק) פוכקע טארט.

sponge'-di'ver *n.* (ספאנדזש'–דאי'–ווער) א שוואמען־טויכער, א שוואמען־פישער [איינער וואס לאזט זיך אראב אויף'ן גרונד פון ים צו זאמלען שוואמען].

sponge'-far'ming *n.* (ספאנדזש'–פאר'–מינג) דאס קולטיווירען שוואמען.

sponge'-fish'er *n.* (ספאנדזש'–פיש'–ער) א שוואמען־פישער. ז. *sponge-diver*.

sponge'let *n.* (ספאנדזש'–לעט) א קליינער שוואם.

spon'geous *a.* (ספאנ'–דזשאס) שוואמיג.

spon'ger *n.* (ספאנ'–דזשער) איינער וואס בענוצט א שוואם; א פערזאן אדער שיף וואס איז פערנומען מיט זאמלען שוואמען; אן אומזיסטיגער פרעסער, א פאראזיט; א טוך־דעגודירער [איינער וואס נעצט אין דאמפף טוך בעפאר עס ווערט גענומען צום נעהען]; א מאשין צו דעגודירען טוך.

sponge'-tree *n.* (ספאנדזש'–טריע) די פארנעזישע אקאציע [אזא אימער־גרינעס בוימעל וואס איז זעהר פערשפרייט אין די הייסע געגענדען פון אמעריקא].

spon'giform *a.* (ספאנ'–דזשי–פארם) שוואם־פערמיג, שוואמיג, עהנליך צו א שוואם.

spon'giness *n.* (ספאנ'–דזשי–נעס) שוואמיגקייט.

spon'ging-house *n.* (ספאנ'–דזשינג–האוס) דאס הויז וואו מען פלעגט אין ענגלאנד אמאל האלטען ארעסטירטע בעלי חובות איידער מען האט זיי איינגעשפארט אין געפענגנים, כדי צו געבען זייערע פריינד צייט צו דעקען זייערע חובות.

spon'giole *n.* (ספאנ'–דזשי–אול) דער שוואמיגער איינזויגענדער ענד פון א ווארצעל.

spon'giose *a.* (ספאנ'–דזשי–אוס) ז. *spongy*.

spongol'ogy *n.* (ספאנ–גאל'–א–דזשי) די לעהרע וועגען שוואמען.

spon'gy *a.* (ספאנ'–דזשי) שוואמיג; פוכקע; איינזויגענד; פול מיט לעכעלעך ווי א שוואם.

spon'sal *a.* (ספאנ'–סעל) האכצייטליך, וואס געהערט צו הייראט אדער חתונה; וואס איז שייך צו א מאן אדער ווייב.

spon'sible *a.* (ספאנ'–סיבל) גלויבווירדיג, צופערלעסיג; וואס איז ערב.

spon'sion *n.* (ספאנ'–שאן) ערבות, גאראנטיע, קאווירונג; דאס ווערען אן ערב פאר אן אנדערען.

spon'sor *n.* (ספאנ'–סאר) אן ערב; א גאראנטירער, א קאווירער; א טויף־פאטער, א טויף־מוטער; א קוואטער, א קוואטערקע.

sponso'rial *a.* (ספאנ–סאו'–רי–על) וואס איז שייך צו אן ערב אדער גאראנטירער.

spon'sorship *n.* (ספאנ'–סאר–שיפ) דאס זיין אן ערב אדער גאראנטירער; ערבות.

spontane'ity *n.* (ספאנ–טע–ני'–אי–טי) דאס זיין ספאנטאן; דאס קומען פון זיך אליין; דאס ערשיינען אהן א מערקליכער אויסערליכער אורזאכע; זעלבסטטהעטיגקייט, זעלבסט־בעשטימונג, פרייוויליגקייט.

sponta'neous *a.* (ספאנ–טיי'–ני–אס) ספאנטאן; וואס קומט פון זיך אליין; וואס ערשיינט אהן א מערקליכער אויסערליכער אורזאכע; פרייוויליג; זעלבסטטהעטיג; אויטאמאטיש; אינסטינקטיוו.

sponta'neous genera'tion (ספאנ–טיי'–ני–אס דזשענ–ע–ריי'–שאן) דאס בעשאפען ווערען פון זיך אליין; דאס ענטשטעהן פון לעבען פון ניט לעבעדיגע שטאפען. ז. *abiogenesis*.

sponta'neously *adv.* (ספאנ–טיי'–ני–אס–לי) ספאנטאן, פון זיך זעלבסט. ז. *spontaneous*.

sponta'neousness *n.* (ספאנ–טיי'–ני–אס–נעס) ז. *spontaneity*.

spook *n.* (ספוהק) א שד, א רוח. ז. *hobgoblin*.

spoo'kish *a.* (ספוה'–קיש) ווי א שד, ווי א ניט־גוטער; פערכאפט פון ניט־גוטע.

spoo'ky *a.* (ספוה'–קי) ז. *spookish*.

spool *n. and v.* (ספוהל) א שפולע, א שפולקע, א ראלקע, א קאטושקע; שפולען, אויפשפולען, אנדרעהען, ארויפוויקלען.

spool'-cot'ton *n.* (ספוהל'–קאט'ן) שפולע־פאדים, נעה־פאדים [פאדים וואס איז אנגעדרעהט אויף א קאטושקע אדער שפולקע].

spoo'ler *n.* (ספוה'–לער) דער אדער דאס וואס וויקעלט אן פאדים אויף א קאטושקע אדער שפולע.

spool'-hol'der *n.* (ספוהל'–האול'–דער) א שטעקעלע אויף א נעה־מאשין, אויף וועלכען עס איז אנגעטהאן די קאטושקע אדער שפולקע.

spoo'ling-machine' *n.* (ספוה'–לינג–מע–שין') א מאשין אנצודרעהען פאדים אויף א קאטושקע אדער שפולע.

spool'-stand *n.* (ספוהל'–סטענד) ז. *spool-holder*.

spoom *v.* (ספוהם) זעגלען אדער לאזען געהן די שיף שנעל פארווערטס.

spoon *n. and v.* (ספוהן) א לעפעל; עפעס וואס איז עהנליך צו א לעפעל [ווי געוויסע געצייג, אינסטרומענטען א. ד. ג.]; א שוטה, א תם; א נאריישער פערליעבטער; אנשעפען אדער אננעהמען מיט א לעפעל; אין קראקעט־שפיעל — שארען דעם באל מיט'ן האמער אנשטאט צו שטויסען איהם; כאפען פיש מיט א לעפעלפערמיגער פארריכטונג, וואס איז צוגעבונדען צו דער ווענטקע; זיין נאריש פערליעבט; ליעגען צוזאמענגעלעגט ווי איין

לעפעל אין א צווייטען, ליעגען צוגעדריקט צו א צווייטענס רוקען.

spoon'bill *n.* (ספוהנ'-ביל) א מין פויגעל מיט א פלאטשיגען שנאבעל ווי א לעפעל.

Spoonbill

spoon'-billed *a.* (ספוהנ'-בילד) וואס האט א לעפעל-פערמיגען שנאבעל.

spoon'-drift *n.* (ספוהנ'-דריפט) דער שוים אדער די פיענע פון אויבען אויף די כוואליעס פון ים אין א שטארקען פלוציליכען שטורם.

spoo'ney *a. and n.* (ספוה'-ני) ז. *spoony*.

spoon'-fash'ion *adv.* (ספוהנ'-פעש'-אן) אזוי ווי צונויפגעלעגטע לעפעל איינע אויף די אנדערע [מיט דעם פארענט פון איינעם אויף'ן רוקען פון אנדערען].

spoon'ful *n.* (ספוהנ'-פול) א פולער לעפעל, אזוי פיעל ווי א לעפעל קען אריינגעהמען.

spoo'nily *adv.* (ספוה'-ני-לי) אויף א נארישען שטייגער.

spoo'niness *n.* (ספוה'-ני-נעס) נארישקייט; דאס זיין נאריש פערליעבט.

spoon'-meat *n.* (ספוהנ'-מיעט) פליסיגע שפייז; שפייז פאר קינדער אדער קראנקע.

spoon'-saw *n.* (ספוהנ'-סאה) א לעפעל-פערמיגער אינסטרומענט מיט א געקארבטען ראנד, וואס ווערט בענוצט אין אפעראציאנען ביי פרויען-קראנקהייטען.

spoon'-shaped *a.* (ספוהנ'-שייפט) לעפעל-פערמיג.

spoon'-vict'uals *n.* (ספוהנ'-וויט'לז) ז. *spoon-meat*.

spoon'wood *n.* (ספוהנ'-הוואוד) ז. *mountain-laurel*.

spoo'ny *a. and n.* (ספוה'-ני) נאריש; סענטימענטאל [אין ליעבע]; א שוטה, א נאר; א סענטימענטאלער פערליעבטער.

spoor *n. and v.* (ספוהר) א שפור, א סליאד; נאכשפירען, נאכגעהן נאך'ן סליאד [פון א חיה].

spoor'er *n.* (ספוהר'-ער) איינער וואס שפירט נאך א חיה אין געיעג לויט דער שפור פון איהרע טריט.

spora'ceous *a.* (ספא-ריי'-שיאס) וואס איז שייך צו א ספארע. ז. *spore*.

sporad'ic *a.* (ספא-רעד'-איק) ספאראדיש, איינצעלפעליג, צוואווארפען, צוזייהט, צושטרייט, וואס קומט פאר אויסנאהמסווייזע אין איינצעלנע ערטער, ניט עפידעמיש.

sporad'ical *a.* (ספא-רעד'-אי-קעל) ז. *sporadic*.

sporad'ically *adv.* (ספא-רעד'-אי-קעל-אי) אויף א ספאראדישען שטייגער; איינצעלפעליג, פארקומענדיג אין איינצעלנע פעלע; פאנאנדערגעווארפען.

sporad'icalness *n.* (ספא-רעד'-אי-קעל--נעס) דאס זיין ספאראדיש אדער איינצעלפעליג, דאס פארקומען אויסנאהמסווייזע אין איינצעלנע ערטער.

spo'ral *a.* (ספאו'-רעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו ספארען. ז. *spore*.

sporange' *n.* (ספא-רענדזש') ז. *sporangium*.

sporan'gia *n.* (ספא-רענ'-דזשי-א) ספאראנגיומס, ספארען-ביטלען. ז. *sporangium*.

sporan'gium *n.* (ספא-רענ'-דזשי-אם) אין באטאניק — דאס ספאראנגיום אדער ספארען-ביטעל [א קליין זעקעלע, וואו עס געפינען זיך די ספארען אדער די מיקראסקאפישע צעלען, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך די קריפטאגאמישע פלאנצען]. ז. *Cryptogamia*.

spora'tion *n.* (ספא-ריי'-שאן) ז. *sporulation*.

spore *n.* (ספאור) אין באטאניק — א ספארע [אזא צעלע, פון וועלכער עס ענטוויקעלט זיך א ניט-בליהענדע קריפטאגאמישע פלאנצע. ז. *Cryptogamia*]; אין ביאלאגיע — א קליין ארגאניש קערנדעל, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א נייער מיקראסקאפישער ארגאניזם [ווי א באקטעריע אדער באצילע]; א קליין מיקראסקאפיש קערפערעל; א קערנדעל.

spore'-case *n.* (ספאור'-קיים) ז. *sporangium*.

spore'-cell *n.* (ספאור'-סעל) אין באטאניק — א ספארע. ז. *spore*.

spore'-forma'tion *n.* (ספאור'-פאהר-מיי'-שאן) די אויסבילדונג פון ספארען. ז. *spore*.

sporif'erous *a.* (ספא-ריפ'-ע-ראס) וואס ברייננגט אדער פראדוצירט ספארען. ז. *spore*.

sporifica'tion *n.* (ספאו-רי-פי-קיי'-שאן) ז. *spore-formation*.

sporipar'ity *n.* (ספאו-רי-פער'-אי-טי) רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג דורך ספארען. ז. *spore*.

spo'roderm *n.* (ספאו'-רא-דוירם) דאס אויבערשטע הייטעל פון א ספארע. ז. *spore*.

spo'rogen *n.* (ספאו'-רא-דזשען) א פלאנצע וואס פראדוצירט ספארען אנשטאט זאמען. ז. *spore*.

sporogen'esis *n.* (ספאו-רא-דזשענ'-ע-סיס) די אויסבילדונג פון ספארען; רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג דורך ספארען. ז. *spore*.

sporog'ony *n.* (ספא-ראג'-א-ני) ז. *sporiparity*.

spo'roid *a.* (ספאו'-ראיד) עהנליך צו א ספארע.

spor'ran *n.* (ספאר'-ען) דער לעדערנער פון פארענט-הענגענדער ביטעל, וואס דיענט אלס טייל פון שאטלענדישען נאציאנאלען קאסטיום.

sport *n. and v.* (ספאורט) ספארט, א שפיעל, צייט-פערטרייב אדער וועט-קאמפף אונטער'ן פרייען הימעל [ווי יאגד, פישפאנג, וועט-לויף א. ד. ג.]; פערגניגען, לוסטיגקייט, בעלוסטיגונג; שפאס, קאטאוועס; איינער וואס גיט זיך אב מיט ספארט; א פראנט; אן אזארטנער שפיעלער; א שווינדלער; אין ביאלאגיע — א חיה אדער פלאנצע, וואס אונטערשיידעט זיך שארף פון דעם נארמאלען טיפ, צו וועלכען זי בעלאנגט; שפיעלען, זיך בעלוסטיגען; פארשטעלען; זיך ארויסשטעלען פאר א כוואט; שפאסען, טרייבען קאטאוועס; זיך שטארק אונטערשיידען פון דעם נארמאלען טיפ [וועגען א חיה אדער פלאנצע].

sportabil'ity *n.* (ספאור-טע-ביל'-אי-טי) די נייגונג צו צייט-פערטרייב; לוסטיגקייט.

spor'table *a.* (ספאור'-טעבל) וואס איז געניינגט צו צייט-פערטרייב; לוסטיג.

sport'ful *a.* (ספאורט'-פול) שפיעלעריש, לוסטיג, שפאסהאפט.

sport'fully *adv.* (ספאורט'-פול-אי) שפיעלענדיג; לוסטיג; מיט שפאס.

sport'fulness *n.* (ספאורט'-פול-נעס) שפיעלענדע לוסטיגקייט, שפאסהאפטיגקייט.

spor'ting *n. and a.* (ספאור'-טינג) דאס אבגעבען זיך מיט ספארט; אין ביאלאגיע — דאס פלוצליכע ערשיינען פון בעזונדערע אייגענשאפטען ביי א חיה אדער פלאנצע; וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

spor'ting-book *n.* (ספאור'-טינג-בוק) א בוך וואו מען פערשרייבט דאס וועטען זיך אין פערשיעדענע שפיעלען און ספארט.

spor'ting-dog *n.* (ספאור'-טינג-דאג) א יאגד-הונד.

spor'ting-house *n.* (ספאור'-טינג-האוס) א הויז, וואו ספארטס-לייט קלייבען זיך צונויף.

spor'tingly *adv.* (ספאור'-טינג-לי) אויף א שפיעלערישען, שפאסהאפטען שטייגער.

spor'ting man (ספאור'-טינג מען) א ספארטסמאן, איינער וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

spor'tive *a.* (ספאור'-טיוו) וואס איז שייך צו ספארט אדער צייט-פערטרייב; שפיעלעריש, שפאסהאפט; אין ביאלאגיע — וואס האט א נייגונג אבצוטרעטען פון נארמאלען טיפ.

spor'tively *adv.* (ספאור'-טיוו-לי) אויף א שפיעלערישען אדער שפאסהאפטען שטייגער.

spor'tiveness *n.* (ספאור'-טיוו-נעס) ז. *sportfulness*.

sport'less *a.* (ספאורט'-לעס) פריידלאז, טרויעריג.

sport one's door (ספאורט הוואנז דאור) זיין "ניט אין דער היים" פאר געסט [ניט וועלען אויפנעהמען געסט, איבערגעבענדיג, אז מען איז ניטא אין דער היים].

sport one's oak (ספאורט הוואנז אוק) ז. *sport one's door*.

sports'man *n.* (ספאורטס'-מען) א ספארטסמאן, א פערגניגען-זוכער, א ליעבהאבער פון גימנאסטיק, פון פישען, פון יאגד, פון וועט-לויף אויף פערד א. ד. ג.

sports'manlike *a.* (ספאורטס'-מענ-לאיק) ווי א ספארטסמאן, מעשה ספארטסמאן. ז. *sportsman*.

sports'manly *a.* (ספאורטס'-מענ-לי) ז. *sportsmanlike*.

sports'manship *n.* (ספאורטס'-מענ-שיפ) דאס האבען א ידיעה אין פערשיעדענע ספארט.

sports'woman *n.* (ספאורטס'-הוואומען) א פרוי וואס גיט זיך אב מיט ספארט.

sporula'tion *n.* (ספאר-או-ליי'-שאן) אין ביאלאגיע — אן ארט רעפראדוצירונג אדער פארטפלאנצונג, וואו אין דעם קערפער פון געוויסע פלאנצען אדער חיה'לעך בילדען זיך אויס ספארען, פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך נייע ארגאניזמען.

spor'ule *n.* (ספאר'-אול) א קליינע ספארע; א ספארע. ז. *spore*.

sporulif'erous *a.* (ספאָר-או-ליפ'-ע-ראס) וואס טראגט אין זיך ספארען. ז. *spore*.

spot *n. and v.* (ספאט) א פלאץ, אן ארט; א שטיקעל ארט וואס איז פערשידען אין קאליר פון דער אומגעגענד; א פלעק, א פליאמע; א שאנד-פלעק; א חסרון; א געבאַרענער צייכען אויף'ן קערפער; דער פלעק-פיש [אזא פיש ארום דעם אמעריקאנישען ברעג פון אטלאנטישען אקעאן]; פלעקען, בעפלעקען, מאכען פליאמעס; בעשמוצען; ארויפוואַרפען א חשד; כאפען מיט'ן אויג; אויסזוכען.

spot'-ball *n.* (ספאט'-באהל) אין ביליארד-שפיעל — דער באל וואס ווערט געשטעלט אויף'ן פלעק אדער צייכען אויף'ן טיש; איינער פון די צוויי ווייסע באלען, וועלכע האבען אויף זיך א שווארצען פלעק.

spot'less *a.* (ספאט'-לעס) אהן פלעקען, אונבעפלעקט, ריין.

spot'lessly *adv.* (ספאט'-לעס-לי) אויף אן אונבעפלעקטען, ריינעם שטייגער.

spot'lessness *n.* (ספאט'-לעס-נעס) אונבעפלעקטקייט, ריינקייט.

spot of ground (ספאט אוו גראונד) א שטיק לאנד.

spot'ted *a.* (ספאט'-עד) בעפלעקט, פול מיט פלעקען; בעשפרענקעלט.

spot'ted fe'ver (ספאט'-עד פי'-ווער) טיפוס; מעניגניטיס [ז. *meningitis*].

spot'ter *n.* (ספאט'-ער) א נאכשפירער, א שפיאן; א פריוואט-שפיאן נאכצוזעהן די קאנדוקטארען אויף א שטאדט-אייזענבאהן; א נאכקוקער אויף א קריגס-שיף, וועלכער זעהט ווי ווייט עס פליהען די אויסגעשאסענע קוילען; איינער וועלכער קאלירט פאטאגראפיש-בילדער; אזא שפרונג וואו דער שפרינגער קוליעט זיך איבער אין דער לופטען און שטעלט זיך מיט די פיס אויף דעמזעלביגען פלאץ.

spot'tiness *n.* (ספאט'-אי-נעס) פלעקיגקייט, דאס זיין מיט פלעקען.

spot'ty *a.* (ספאט'-אי) פלעקיג, בעדעקט מיט פלעקען; וואס טרעפט זיך ערטערווייז אדער צייטענווייז; ניט רעגולער; ניט איבעראיינשטימיג; אונהארמאניש.

spou'sal *a. and n.* (ספאו'-זעל) האכצייטליך, וואס געהערט צו פערהייראטונג; פערהייראטונג, די האכצייט, די חתונה.

spouse *n.* (ספאוז) א פערהייראטע פערזאן, א מאן אדער א פרוי.

spoused *a.* (ספאוזד) פערהייראט.

spouse'less *a.* (ספאוז'-לעס) אונפערהייראט; אהן א מאן אדער אהן א ווייב.

spout *v. and n.* (ספאוט) [ווי ספאוט] שפריצען [ווי א פאנטאן], אויסשפריצען; אויסגיסען [ווי פון א נעזעל אדער קישקע]; שיסען מיט קנאקעדיגע פראזען, ריידען באמבאסטיש, דעקלאמאטאריש; פערזעצען, פער'משכונ'ען; מאכען א רינג [צו א דאך]; א רינג, א דאך-רינג, א רעהר; א וואסער-קישקע; א וואסער-שפריץ; א נעזעל, א שנויץ [פון א כלי]; די נאזלעכער פון א וואלפיש [פון וועלכע ער שפריצט ארויס מיט א שטראם וואסער].

spou'ter *n.* (ספאו'-טער) עפעס וואס שפריצט פון זיך מיט קראפט; איינער וואס שיסט מיט קלינגענדע פראזען; א באמבאסטישער רעדנער; א געניטער וואלפיש-פאנגער.

spout'-fish *n.* (ספאוט'-פיש) א מאלוסק וואס שפריצט וואסער פון זיין מושעל.

spout'-hole *n.* (ספאוט'-האול) דאס נעזעל אדער שנויץ פון א כלי, דורך וועלכען עס שפריצט אדער גיסט זיך דאס וואסער; די נאזלעכער פון א וואלפיש, דורך וועלכע ער לאזט ארויס ווי א פאנטאן דאס וואסער.

spout'less *a.* (ספאוט'-לעס) אהן א נעזעל אדער שנויץ ארויסצושפריצען דאס וואסער; אהן א גיס-רעהר.

spout out (ספאוט אוט) ארויסשפריצען.

spout'-shell *n.* (ספאוט'-שעל) אזא מין שעל.

sprain *v. and n.* (ספריין) צופיעל פאנאנדערציהען די מוסקולען פון א געלענק, פערשאפענדיג אין איהם א וועהטאג; א פאנאנדערציהונג פון די געלענק-מוסקולען; דער וועהטאג פון אזא פאנאנדערציהונג.

sprang (ספרענג) געשפרונגען א. ז. וו. ז. *spring*.

sprat *n. and v.* (ספרעט) די שפראטע [אזא הערינגעל עהנליך צו א סארדין]; א קליינע מטבע; פאנגען שפראטען.



Sprat

sprat'-day *n.* (ספרעט'-דיי) דער 9טער נאוועמבער [אזוי רופט זיך דיזער טאג אין לאנדאן, ווייל דאס איז דער ערשטער טאג פון סעזאן ווען מען פערקויפט שפראטען]. ז. *sprat*.

sprawl *v. and n.* (ספראהל) 1. ליעגען אויסגעשטרעקט; קריכען, פויזען ווי א וואָרים; קראבלען, ווארפען מיט די גליעדער, זיך ווארפען קאנוואולסיוו; זיך צאפלען; 2. זיין געשלענגעלט, געצוקט [ווענען א האנדשריפט]; 3. א געצוקטע האנדשריפט.
1. The children sprawl on the floor. 3. His handwriting is full of sprawls.

spray *n. and v.* (ספריי) א צווייגעל; אן ארויסשפראצונג; אן ארנאמענט אין דער פארם פון א צווייגעל; שפריץ-וואסער; וואסער-שטויב; שפריצען; פאלען אין טראפענס.

spray'-cart *n.* (ספריי'-קארט) אזא וואגעל מיט א פליסיגקייט צו בעשפריצען פלאנצען און גרינסען, כדי צו טויטען שעדליכע אינזעקטען.

spray'-cure *n.* (ספריי'-קיור) דאס היילען א קראנקהייט דורך א וואסער-שפריץ.

spray'er *n.* (ספריי'-ער) א שפריצער; א שפריץ-מאשין.

spray'er-pump *n.* (ספריי'-ער-פאמפ) אזא פומפ, וועלכען מען טראגט אויף דער פלייצע און וואס דיענט צו בעשפריצען פלאנצען.

spray'ey *a.* (ספריי'-אי) מיט צווייגיג; מיט צווייגען; וואס בעשטעהט פון וואסער-שטויב.

spray'ing-machine' *n.* (ספריי'-אינג-מע-שין') ז. *sprayer*.

spray'-in'strument *n.* (ספריי'-אינ'-סטרו-מענט) א צושטויבונגס-אפאראט. ז. *atomizer*.

spread *v., a. and n.* (ספרעד) אויסבריי-טען, שפרייטען; איבערשפרייטען, בעדעקען; דעקען [דעם טיש], פערשפרייטען [א טישטוך]; פערברייטען; זיך אויסברייטען; זיך ענטוויקלען; זיך פערברייטען; אויסגעברייטעט, פערשפרייט; אויברעפלעכליך, מעהר ברייט איידער טיעף אין שייו אדער גלאנץ [ווענען אן עדעלשטיין]; די אויסברייטונג, די פערברייטונג; די ענטוויקלונג; א דעק-טוך; א טישטוך.

spread'-ea'gle *a.* (ספרעד'-איע'גל) 1. וואס האט די פארם פון אן אדלער מיט פאנאנדערגעשפרייטע פליגלען; 2. באמבאסטיש, בעריהמעריש, פראהלעריש.
2. On the Fourth of July orators make spread-eagle speeches.

spread ea'gle (ספרעד איגל) אן אד-לער מיט פאנאנדערגעשפרייטע פליגלען [די עמבלעם פון די פעראייניגטע שטאטען]; אין די אמאליגע צייטען אויף א שיף — א פארם פון בעשטראפען א מאטראז, וואו מען פלעגט איהם צובינדען מיט פאנאנדערגעשפרייטע הענד און פיס און שמייסען איהם; אויף דער בערזע — אן ארט שפעקולאציאן מיט ווערטה-פאפיערען.

spread'-ea'gleism *n.* (ספרעד'-איע'גל-איזם) דאס זיין באמבאסטיש אין ריידען; דאס ארויסווייזען זיך פאר א גרויסען פאטריאט. ז. *spread-eagle*.

spread'er *n.* (ספרעד'-ער) אן אויסבריי-טער, א פערברייטער; א שפריצער.

spread'ing-fur'nace *n.* (ספרעד'-אינג-פויר'-נעס) אין גלאז-פאבריקאציאן — אזא אויווען אין וועלכען די אויסגעבלאזענע און נאכהער געשפאלטענע גלאז-צילינדערס ווערען אויסגעצויגען אין פלאכע פלאטען.

spread'ingly *adv.* (ספרעד'-אינג-לי) אויף אן אויסגעשפרייטען שטייגער.

spread'ing-ov'en *n.* (ספרעד'-אינג-אוו'ן) ז. *spreading-furnace*.

spread'ing-plate *n.* (ספרעד'-אינג-פלייט) אין גלאז-פאבריקאציאן — א גלאטעס ברעט אויף וועלכען מען לעגט ארויף א געשפאלטענעם גלאז-צילינדער אויסצוציהען אין א פלאכער פלאטע.

spread one's self (ספרעד הוואנז סעלף) זיך שטארק אנשטרענגען צו דערגרייכען עפעס.

spread the cloth (ספרעד טהי קלאהטה) גרייטען צום טיש.

spread the ta'ble (ספרעד טהי טייבל) גרייטען צום טיש.

spree *n. and v.* (ספריע) א הוליאנקע, א יום-טוב; א טרינק-הוליאנקע; הוליען; געהן אויף א הוליאנקע.

sprig *n. and v.* (ספריג) א שטענגעלע; א צווייגעלע; אן ארויסשפראצונג; א נאכקומענשאפט, א קינד; אן ארנאמענט אין דער פארם פון א צווייגעל; א קליינער נאגעל אהן א קעפעל; א קליינער קלין; בעציערען מיט צווייגעלעך; מאכען אין דער פארם פון א צווייגעל; ארייננשלאגען א קלין.

sprig'gy *a.* (ספריג'-אי) מיט שטענגעלעך; מיט צווייגעלעך.

spright'liness *n.* (ספראיט'-לי-נעס) לעבהאפטיגקייט, לוסטיגקייט; לעבעדיגקייט; אקטיוויטעט.

spright'ly *a.* (ספראיט'-לי) לעבהאפט, לוסטיג, מונטער.

spring *v., n. and a.* (ספרינג) 1. שפרינגען, אריבערשפרינגען; 2. א שפרונג טהאן, זיך א יאג טהאן, א פליה טהאן, א שטראם טהאן; 3. א טרייב טהאן, א יאג טהאן, צווינגען א שפרונג צו טהאן אדער צו נעהמען שנעל לויפען; 4. פלוצלונג ארויסברינגען; 5. זיך אויפכאפען, זיך דערשרעקען, זיך א הויב טהאן פאר שרעק; איבערשרעקען און ארויסטרייבען פון בעהעלטעניש [ווי געיעג-חיות אדער פויגלען]; 6. צושפאלטען; צושפאלטען ווערען; 7. ארויסקומען, ארויסשפראצען, אבשטאמען; 8. זיך ערהייבען; 9. עטוואס אויסבויגען, זיך עטוואס אויסבויגען;

.10 שטארק רודערען [אזוי אז דאס שיפעל זאל שפרינגען]; .11 בעשפרענקלען, בעשפריצען; .12 עקספלאדירען, אויפרייסען; .13 אויפהויבען [עפעס אויף א שיף] מיט דער הילף פון פרוזשינעס אדער קייטען; .14 א שפרונג; אן אבשפרינגונג; דאס אננעהמען די פריהערינע פארם [דורך דער קראפט פון עלאסטיציטעט]; .15 אן אנפאנג; די ערשטע ערשיינונג; א געבורט; די ענטשטעהונג; .16 פריהלינג; 17 אן ארויסשפראצונג; .18 א קוואל; .19 עטוואס עלאסטישעס; אן עלאסטישער קערפער; אן עלאסטישער קערפער=טייל ביי אינזעקטען מיט דער הילף פון וועלכען זיי קענען א שפרונג טהאן אין דער הויך; עלאסטיציטעט, שפרונג=פעהיגקייט; .20 א שפרינג=פעדער, א פרוזשינע אדער ספרוזשינע [ז. איל]; .21 א בעוועגונגס=אורזאכע; עטוואס וואס רופט ארויס א בעוועגונג, געפיהל א. ז. וו.; .22 א שפאלט [אין א מאסט, צווישען די ברעטער פון א שיף א. ז. וו.]; .23 וואס איז שייך צו פריהלינג, וואס פאסט פאר פריהלינג, וואס קומט פאר אין פריהלינג.

2. A sudden light **sprang** through the shutters. 3. Badly frightened, we **sprang** the horses. 4. I may **spring** a new project. 5. The hunter **sprang** the birds out of the bushes. 8. Up from the midst of the trees **springs** the church cross. 12. We **sprang** a rich mine. 18. Love is the **spring** of all the good in the world. 21. **Self-love is the spring of** all his actions.

Springs

spring a leak (ספרינג ע ליעק) בעקומען א שפאלט אדער לאך, אנהויבען רינען; מאכען א שפאלט אדער לאך.
We are afraid that the pipe will spring a leak.

spring′-back *n.* (ספרינג′–בעק) אן אונטער=רוקען פון א בוך, וועלכער בויגט זיך אב, ווען מען עפענט דאס בוך.

spring′-bal′ance *n.* (ספרינג′–בעל′–ענס) א פרוזשינע=בעזמען.

spring′-beau′ty *n.* (ספרינג′–ביו′–טי) די פריהלינגס=שעהנהייט [אזא אמעריקאנישע ווילדע בלום; אזא שעהנעם אמעריקאנישעם זומער=פויגעלע].

spring′-bed *n.* (ספרינג′–בעד) א מאטראץ פון שפרינג=פעדערען אדער פרוזשינעס; א בעט מיט אזא מאטראץ; אן עלאסטישע פלאטע אין א מאשין צום ארומשערען די בארווע [ווארסע] פון געוואנד.

spring′-bee′tle *n.* (ספרינג′–ביע′טל) א שנעל=קעפער, א שפרינג=זשוק [אזא אמעריקאנישער זשוק]. ז. *elater*

spring′-board *n.* (ספרינג′–באורד) א שפרונג=ברעט [צום שפרינגען פאר קונצען=מאכער].

spring′bok *n.* (ספרינג′–באק) א שפרינג=באק [אזא זעהר ריהרעווודיגע זיד=אפריקאנישע גאזעלע אדער קליינע אנטילאפע]. ז. *gazelle*

spring′-box *n.* (ספרינג′–באקס) דאס קעסטעלע אין וועלכען עס ליעגט די שפרינג=פעדער אדער פרוזשינע פון א זייגער; א קעסטעל, א פושקעלע א. ז. וו. וואס עפענט זיך און פערמאכט זיך מיט דער הילף פון א פרוזשינע; די ראַהם פון א מאטראץ, זאפא א. ז. וו., אין וועלכער עס געפינען זיך די פרוזשינעס.

spring′-buck *n.* (ספרינג′–באק) ז. *springbok*

spring′-car′riage *n.* (ספרינג′–קער′–אידזש) א וועגעל אויף רעסארען [פרוזשינעס].

spring′-cart *n.* (ספרינג′–קארט) ז. *spring-carriage*

spring chick′en (ספרינג טשיק′–ען) א יונג היהנדעל.

springe *n. and v.* (ספרינדזש) א פויגעל=נעץ, א שלייף אדער פעטליע צו כאפען פויגלען אדער קליינע חיות; כאפען אין א פויגעל=נעץ, כאפען מיט א שלייף=פאסטקע.

spring′er *n.* (ספרינג′–ער) א שפרינגער; איינער וואס שרעקט איבער און טרייבט ארויס [געיעג=חיות אדער געיעג=פויגלען]; איינער וואס ברענגט עפעס פלוצלונג ארויס; אן ארויסשפראצונג; אן עקספלאדירער; איינער וואס צושפאלט; איינער וואס בויגט אוים; אזא קליינער יאגד=הונד [וואס טרייבט ארוים די געיעג=חיות אדער פויגלען פון בעהעלטעניש]; א שפרינג=באק [אזא קליינע ריהרעווודיגע אפריקאנישע אנטילאפע]; דער בוטס=קאפ אדער שווערד=וואלפיש [ז. *grampus*]; דער אנפאנג=שטיין פון א געוועלב.

spring′er an′telope (ספרינג′–ער ענ′–טי–לאופ) דער שפרינג=באק. ז. *springbok*

spring′-flood *n.* (ספרינג′–פלאד) שפראצונגס=צייט, פריהלינגס=צייט, פריהלינג.

spring′-fly *n.* (ספרינג′–פלאי) דאס וואסער=מאטען=פליגעלע. ז. *caddis-fly*

spring′-gun *n.* (ספרינג′–גאן) א ביקס, וואס איהר שלאס איז פערבונדען מיט א דראט און שיסט אוים, ווען מען טרעט אן אויף'ן דראט [ווערט געברויכט אין פאסטקעס אויף ווילדע חיות].

spring′-halt *n.* (ספרינג′–האהלט) דער העהנער=טריט [אזא קאנוואולסיווע בעוועגונג פון די הינטערשטע פיס פון א פערד].

spring′-head *n.* (ספרינג′–העד) א קוואל, אן אורקוואל; א פעראייניגונג פון א וואגען=רעסארע [פרוזשינע].

spring′-hook *n.* (ספרינג′–הוק) א פרוזשינע=האקען [ביי א טהיר, אויף א ווענטקע א. ז. וו.].

spring′-house *n.* (ספרינג′–האוס) א געביידע איבער א וואסער צו האלטען פריש פערשיעדענע שפייזען.

spring′iness *n.* (ספרינג′–אי–נעס) עלאסטיציטעט; דאס זיין ווי א פרוזשינע; דאס זיין איבערפילט מיט קוואלען.

spring′ing *n. and a.* (ספרינג′–אינג) דאס שפרינגען; דאס ארויסקומען, דאס ארויסשפראצען; אן ארויסשפראצונג; א וואוקס, א וואקסונג; דער אנפאנגס=פונקט פון א געוועלב; וואס קען ארויסקומען; מעגליך; ארויסקומענד, ארויסשפראצענד.

spring′ing-bee′tle *n.* (ספרינג′–אינג–ביע′טל) ז. *spring-beetle*

spring′ing-line *n.* (ספרינג′–אינג–לאין) די ליניע, ביי וועלכער עס הויבט זיך אן א געוועלב.

spring′ing-time *n.* (ספרינג′–אינג–טאים) שפראצונגס=צייט; פריהלינג.

spring′le *n.* (ספרינגל) א פויגעל=נעץ, א שלייף צו כאפען פויגלען אדער קליינע חיות.

spring′less *a.* (ספרינג′–לעס) וואס האט ניט קיין קוואל אדער קוואלען; וואס האט ניט קיין פרוזשינעס.

spring′let *n.* (ספרינג′–לעט) א קוואלכעל; א קליינער וואסער=שטראם.

spring′like *a.* (ספרינג′–לאיק) וואס איז עהנליך אדער שייך צו פריהלינג.

spring′-lock *n.* (ספרינג′–לאק) א טהיר=שלאס וואס פערמאכט זיך אויטאמאטיש דורך א פרוזשינע.

spring′-mat′tress *n.* (ספרינג′–מעט′–רעס) א שפרינג=פעדער מאטראץ, א מאטראץ אויף פרוזשינעס.

spring′tail *n.* (ספרינג′–טייל) דער שפרינג=עק [אזא אינזעקט וואס שפרינגט מיט דער הילף פון אן ארויסשטארצונג אין הינטער=טייל פון קערפער].

spring′tide *n.* (ספרינג′–טאיד) פריהלינגס=צייט, פריהלינג.

spring′-tide *n.* (ספרינג′–טאיד) די שטארקע וואסער=פלוט אין ים אין צייט פון ניי=חודש און גאנץ=חודש [ביי דער געבורט פון דער לבנה און ביי א פולער לבנה]; א גרויסער צופלום.

spring′time *n.* (ספרינג′–טאים) פריהלינגסצייט, פריהלינג.

spring′-trap *n.* (ספרינג′–טרעפ) א פאסטקע מיט א פרוזשינע [ווי די מיט וועלכער מען כאפט מייז].

spring′-wag′on *n.* (ספרינג′–הוועג′–אן) א וואגען אויף רעסארען [פרוזשינעס].

spring′-wa′ter *n.* (ספרינג′–הוואה′–טער) קוואל=וואסער.

spring′-worm *n.* (ספרינג′–הוואירם) ז. *pinworm*

spring′y *a.* (ספרינג′–אי) עלאסטיש, וואס שפרינגט אב; רייך אין קוואלען וואסער; פייכט [ווענען לאנד].

sprink′-buck *n.* (ספרינק′–באק) ז. *springbok*

sprin′kle *v. and n.* (ספרינקל) שפריצען, איינשפריצען, בעשפריצען; שפרענקלען, בעשפרענקלען; דורכשפרענקלען; דורכזעען, דורכווארפען; דראבנע טריפען [ווי א רעגען]; שפריצונג, שפרענקלונג, טריפונג אין דראבנע טראפען; עטוואס וואס ווערט געשפריצט אדער געשפרענקעלט; א שפריי=רעגען; א מארגען=שטערען [אזא מיטעלאלטערליכע וואפע. ז. *morning-star*].

sprin′kled *a.* (ספרינקלד) בעשפרענקעלט, ווי בעשפריצט, בעדעקט מיט שפריצעלעך אדער מיט קליינינקע פונקטען.

sprin′kler *n.* (ספרינ′–קלער) א בעשפריצער, א בעשפרענקלער; איינער וואס ווארפט דורך אדער זעעט דורך; א שפריצער; א בארשט צום שפריצען הייליגעס וואסער [ביי די קריסטען]; א מארגען=שטערען [אזא מיטעלאלטערליכע וואפע. ז. *morning-star*].

sprin′kler sys′tem (ספרינ′–קלער סיס′–טעם) א סיסטעם פון וואסער=רעהרען אין געביידעס, וואס עפענען זיך אויטאמאטיש און נעהמען שפריצען מיט וואסער, ווען א געוויסער פלאץ ווערט צו שטארק אנגעהיצט.

sprin′kling *n.* (ספרינ′–קלינג) שפרענקלונג; בעשפרענקלונג; שפריצונג; דאס וואס ווארפט זיך דורך אדער זעעט זיך דורך.

sprint *v. and n.* (ספרינט) שנעל לויפען אין א קורצען וועט=לויף [פון מענשען]; דאס שנעל לויפען אין א קורצען וועט=לויף; א קורצער וועט=לויף, ביי וועלכען מענשען לויפען מיט דער גאנצער קראפט.

sprin'ter *n.* (ספרינ'-טער) איינער וואס נעהמט אנטייל אין א קורצען וועט-לויף [פון מענשען].

sprin'ting *n.* (ספרינ'-טינג) דאס שנעל לויפען אין א קורצען וועט-לויף [פון מענשען].

sprit *n.* (ספריט) דאס שפריעט [א שטאנג וואס געהט דיאגאנאל פון דער מאסט צום אויבערשטען ווינקעל פון א זעגעל]; א בוגשפריעט [א שטאנג אויף דעם פאדער-טייל פון א שיף. ז. *bowsprit*].

sprite *n.* (ספראיט) א גייסט, א שאטען; אן עלף, א פעיע [ז. *fairy*].

sprite'liness *n.* (ספראיט'-לי-נעס) ז. *sprightliness*.

sprite'ly *adv.* (ספראיט'-לי) ז. *sprightly*.

sprit'sail *n.* (ספריט'-סייל) א זעגעל, וואס ווערט אנגעצויגען דורך א שפריעט [אזא שטאנג וואס געהט דיאגאנאל פון דער מאסט צום אויבערשטען ווינקעל פון זעגעל].

sprock'et *n.* (ספראק'-עט) איינער פון די שטיפטען אדער פלעקלעך אין דעם ראנד פון א ראד אויף וועלכען עס דרעהט זיך א קייט. ז. איל. *sprocket-wheel*.

sprock'et-wheel *n.* (ספראק'-עט-הוויעל) א ראד מיט שטיפטען אדער פלעקלעך אין ראנד אויף וועלכע עס טהוען זיך אן די רינגען פון א קייט, וועלכע דרעהט זיך איבער איהם.



Sprocket-wheel

sprout *v.* and *n.* (ספראוט) שפראצען, ארויסשפראצען, ארויסלאזען שפראצונגען; זיך פאנאנדערצווייגען; א שפראצלינג, אן אויסשפראצונג.

sprou'ted *a.* (ספראו'-טעד) בעדעקט מיט קנאספען אדער מיט ארויסגעשפראצטע צווייגלעך.

spruce *n., a.* and *v.* (ספרוהס) אן עגלע, א יעלאווער בוים, א קיעפער, א טאננע-בוים, א סאסנע; שפראסען-ביער [ביער געמאכט פון זאפט פון קיעפער-בוימער אדער טאננענבוימער אנשטאט האפען]; נעט; געפוצט, פראנטיש; אויספוצען, מא-כען נעט, מאכען פראנטיש; זיך אויס-פוצען.

Spruce

spruce'-beer *n.* (ספרוהס'-ביער) שפראס-סען-ביער (ביער געמאכט מיט זאפט פון קיעפער-בוימער אדער טאננענבוימער אנ-שטאט האפען].

spruce'-fir *n.* (ספרוהס'-פויר) די עגלע, דער יעלאווער בוים. ז. *spruce*.

spruce'-grouse *n.* (ספרוהס'-גראוס) די קאנאדישע וואלד-הוהן. ז. איל. *"N. A. Game Birds"*.

spruce'ly *adv.* (ספרוהס'-לי) נעט; גע-פוצט; פראנטיש.

spruce'ness *n.* (ספרוהס'-נעס) נעטקייט; געפוצטקייט, פראנטישקייט.

spruce'-o'cher *n.* (ספרוהס'-או'-קער) ברוינער אדער געלבער אקער [אזא מי-נעראל]. ז. *ocher*.

spruce'-par'tridge *n.* (ספרוהס'-פאר'-טרידזש) ז. *spruce-grouse*.

spru'cify *v.* (ספרוה'-סי-פאי) מאכען נעט; אויספוצען.

sprue *n.* (ספרוה) די עפנונג אין א פורם, דורך וועלכער עס ווערט אריינגעגאסען דאס געשמאלצענע מעטאל; די ארויס-שטארצונג וואס עס בלייבט אויף א מע-טאל-גוס-שטיק פון דער עפנונג פון דער פורם, דורך וועלכער דאס מעטאל איז אריינגעגאסען געווארען.

sprug *v.* (ספראג) מאכען נעט; אויס-פוצען.

sprung (ספראנג) פער'שכור'ט; געשפרונ-גען, ארויסגעשפראצט, ארויסגעבראכט. ז. *spring*.

sprunt *v.* (ספראנט) ארויסקומען, ארויס-שפראצען; א שפרונג טהאן פארויס, ארויסשפרינגען.

sprunt up (ספראנט אפ) אויפקאכען, ווערען אין כעס.

spry *a.* (ספראי) קרעפטיג, לעבעדיג, מונ-טער, לוסטיג.

spud *n.* and *v.* (ספאד) אזא דיקעס מעסער אדער קינשאל; א קליינער גראב-אייזען; אן אינסטרומענט עהנליך צו א גראב-אייזען; א קורצע, דיקע זאך; א קניידעל; א קארליק; א קארטאפעל; אנ-שניידען אדער אבגראבען מיט א קליינעם גראב-אייזען.

spud'dle *v.* (ספאדל) גראבען.

spud'dy *a.* (ספאד'-אי) קורץ און פעט.

spue *v.* (ספיו) ז. *spew*.

spuke *n.* (ספיוק) ז. *spook*.

spume *n.* and *v.* (ספיום) שוים, פיענע; שוימען.

spumes'cence *n.* (ספיו-מעס'-ענס) שוימיגקייט.

spumes'cent *a.* (ספיו-מעס'-ענט) שוי-מיג.

spumif'erous *a.* (ספיו-מיפ'-ע-ראס) וואס ברייננגט ארויס שוים.

spu'miness *n.* (ספיו'-מי-נעס) שוימיג-קייט.

spu'mous *a.* (ספיו'-מאס) שוימיג; וואס בעשטעהט פון שוים.

spu'my *a.* (ספיו'-מי) שוימיג, בעדעקט מיט שוים.

spun (ספאן) אנגעצויגען, געשפונען; אויסגעצויגען. ז. *spin*.

spun gold (ספאן גאולד) געשפונענעס גאלד, גאלד-פעדים.

spunk *n.* and *v.* (ספאנק) צינד-האלץ; צונטער; מוטה, קוראזש; היציגער טעמ-פעראמענט; היציגקייט; ווידערשטאנדס-קראפט, אויסהאלטונגס-קראפט; זיך אנ-צינדען, אויפפלאמען, א פינקעל טהאן.

spunk up (ספאנק אפ) ארויסצייגען מוטה, קוראזש, אויסדויער-קראפט אדער ווידערשטאנדס-קראפט.

spun'ky *a.* (ספאנ'-קי) היציג, פייעריג; מוטיג; וואס וויל זיך ניט אונטערגעבען אדער זיך אנערקענען פאר בעזיעגט.

spun'-out *a.* (ספאנ'-אוט) פאנאנדער-געצויגען.

spun sil'ver (ספאן סיל'-ווער) גע-שפונענעס זילבער, זילבער-פעדים.

spur *n.* and *v.* (ספויר) א שפארן; אן ארויסשטארצונג, עטוואס עהנליכעס צו א שפארען [ווי א פלאנצען-ווארצעל, דער הארנדיגער אנוואוקס אויף א פויגעלשען פוס, די אייזענדלעך אויף א טעלעגראף-סלופ, אן וועלכע מען האלט זיך אן ביים ארויפקלעטערען א. ז. וו.]; אן אנשטויס, אן אנטריב, אן אנרעגונג; שפארנען, טריי-בען מיט די שפארען; אנטרייבען, אנרעגען צו עפעס; זיך יאגען, זיך שטופען, שטרע-בען; אנטהאן שפארען, בעזארגען מיט שפארען.

spur'-gall *n.* and *v.* (ספויר'-גאהל) א שפארען-וואונד אדער שפארען-צייכען [ביי א פערד]; אנרייבען א וואונד מיט די שפארען, לאזען א סימן אויף א פערד'ס פעל פון די שפארען.

spurge *n.* (ספוירדזש) די וואלפס-מילך [אזא פלאנצע]. ז. *Euphorbia*.

spur'-gear *n.* (ספויר'-גיער) ז. *spur-gearing*.

spur'-gear'ing *n.* (ספויר'-גיער'-אינג) א מאשין-בעטריעב פון צאהן-רעדער.

spurge'-lau'rel *n.* (ספוירדזש'-לאה'-רעל) צייללאנד [אזא אימער-גרינער לאר-בער-עהנליכער קוסט. זיין קארע ווערט גע-ברויכט אין פאפיער-פאבריקאציאן].

spurge'-ol'ive *n.* (ספוירדזש'-אל'-איוו) ז. *mezereon*.

spu'rious *a.* (ספיו'-רי-אס) ניט עכט, ניט ריכטיג, נעפעלשט, פאלש; אונגעזעצ-ליך, ניט כשר [וועגען א קינד].

spu'riously *adv.* (ספיו'-רי-אס-לי) אויף אן אונעכטען, ניט ריכטיגען אדער פאלשען אופן; אויף אן אונגעזעצליכען אדער ניט כשר'ען שטייגער.

spu'riousness *n.* (ספיו'-רי-אס-נעס) ניט-עכטקייט, ניט-ריכטיגקייט; פאלשקייט, נעפעלשטקייט; אונגעזעצליכקייט, ניט-כשר'קייט [ווי פון א קינד].

spur'-leath'er *n.* (ספויר'-לעטה'-ער) א שפארען-לעדערעל [א לעדערעל צוצו-בינדען א שפארע צום שוך].

spur'-leg'ged *a.* (ספויר'-לעג'-עד) מיט שפארען אויף די פיס [ווי געוויסע אינ-זעקטען, וואס האבען שפארען-עהנליכע ארויסשטארצונגען אויף די פיסלעך].

spur'less *a.* (ספויר'-לעס) וואס האט ניט קיין שפארען.

spurn *v.* and *n.* (ספוירן) דריגען, א קלאפ טהאן אדער א שטויס טהאן מיט'ן פוס; צוריקשטויסען, צוריקווייזען אדער בעהאנדלען מיט פעראכטונג; א דריגע; א שטויס מיט'ן פוס.

spur'ner *n.* (ספויר'-נער) איינער וואס שטויסט אב, ווייזט צוריק אדער בעהאנ-דעלט מיט פעראכטונג.

spurn'water *n.* (ספוירנ'-וואה-טער) אזא רינווע אויף'ן פאדערשטען טייל פון א שיפס-דעק אין דער פארם פון א *V*.

spurred *a.* (ספוירד) מיט שפארען; מיט שפארען-עהנליכע ארויסשטארצונגען.

spur'rer *n.* (ספויר'-ער) א רייטער מיט שפארען; איינער אדער עטוואס וואס רעגט אן אדער מונטערט אויף צו עפעס.

spur'rey *n.* (ספאר'-אי) ז. *spurry*.

spur'rier *n.* (ספויר'-יער) א שפארען-מאכער.

spur'-roy'al *n.* (ספור'-ראי'-על) א פארציימיגע ענגלישע גאלדענע מטבע פון 15 אדער 16½ שילינג.

spur'ry *n.* (ספאר'-אי) ספערגעל אדער שפארק [אזא גראז].

spurt *v. and n.* (ספורט) 1. א שפריץ טהאן, א גאס טהאן, זיך א גאס טהאן, א שטראם טהאן; 2. זיך א יאג טהאן, מאכען א פלעצליכע שטארקע אדער קורץ־דויערענדע אנשטרענגונג [הויפטזעכליך ביי א וועט־לויף]; 3. א שפריץ, א גאס, א שטראם; 4. א קורץ־דויערענדער פלעצליכער אויסברוך; 5. א פלעצליכע, קורץ־דויערענדע שטארקע אנשטרענגונג [הויפטזעכליך אין א וועט־לויף, אין וועט־רודערען א. ז. וו.].

1. The victim's blood **spurted** upon the murderer's face. 2. The runners **spurted** desperately trying to overreach one another. 4. She showed a sudden **spurt** of jealousy.

spur'-track *n.* (ספור'-טרעק) א זייטי־גע אבצווייגונג פון אן אייזענבאהן־ליניע.

spur'-tree *n.* (ספור'-טריע) דאס געלי־בע פיעדעלי־האלץ [אזא וועסט־אינדישעס ביומעל].

spur'way *n.* (ספור'-הוויי) א רייט־וועג; א שמאלער וועג.

spur'-wheel *n.* (ספור'-הווי'על) א צאהן־ראד.

spur'wing *n.* (ספור'-הווינג) דער שפארען־פליגעל [א פויגעל וואס האט א הארנדיגען אנוואוקס אויף די עקען פון די פליגעל־פעדערען].

Spur-wheel

spur'-winged *a.* (ספור'-הווינגד) וואס האט א הארנדיגען אנוואוקס אויף די עקען פון די פליגעל־פעדערען [וועגען געוויסע פויגלען].

spur'wort *n.* (ספור'-הוואירט) די פעלד־מארענע אדער פעלד־קראפ. ז. *field-madder*.

sputa'tion *n.* (ספיו-טיי'-שאן) דאס שפייען; שפייעכץ; ליחה.

sput'ter *v. and n.* (ספאט'-ער) 1. שפרי־צען מיט שפייעכץ; 2. שפריצען מיט ווערטער, ריידען שנעל, אויפגערעגט און אונקלאר; 4. שפריצונג מיט שפייעכץ; שפייעכץ; דער געריוש פון שפריצען; 5. גערויש, ליארם; אן אויפגערעגטער, היציגער גע־שפרעך.

2. The candle **sputters** smoke. 3. Highly incensed, he **sputtered** out the basest accusations against his friends.

sput'terer *n.* (ספאט'-ער-ער) איינער וואס שפריצט שפייעכץ; עטוואס וואס שפריצט; איינער וואס שיסט מיט ווער־טער, רעדט שנעל, אויפגערעגט און אונ־קלאר.

spu'tum *n.* (ספיו'-טאם) שפייעכץ, סלינע; ליחה.

spy *v. and n.* (ספאי) נאכ־שפיאנירען; נאכ־קוקען; בעאבאכטען; אויסגעפינען, ענט־דעקען; אויספארשען, אונטערזוכען, אויס־זעהן, אויסקוקען; א שפיאן.

spy'-glass *n.* (ספאי'-גלעס) א שפאק־טיוו, א קליינער האנד־טעלעסקאפ.

spy'-hole *n.* (ספאי'-האול) א קוק־לאך, א לאך צום נאכקוקען אדער נאכשפיאני־רען.

spy'ism *n.* (ספאי'-איזם) שפיאנעריי, דאס שפיאנירען; דאס סיסטעם פון בענו־צען שפיאנען.

spy'-mon'ey *n.* (ספאי'-מאנ'-אי) שפיאנען־געצאהלט.

sq. אבקירצונג פון *square* [קוואר־ראט].

squab *a., n. and v.* (סקוואב) פעט; גראב; אונגעלומפערט; א זאפע; א יונגע טויב; א דיקע און ווייכע זאך; א קורצער און דיקער מענש; אנשטאפען [ווי א קישען].

squabash' *v.* (סקוועב-עש') צוקווע־טשען, דערשטיקען, דערווערגען.

squab'bish *a.* (סקוואב'-איש) דיק, פעט, שווער.

squab'ble *v. and n.* (סקוואבל) שטריי־טען, צאנקען, זיך קריגען; אין דרוקע־ריי — אויסמישען, ברייננען אין אונארד־נונג אנגעזעצטע שריפט; א שטרייט, א צאנק, א געשלעג.

squab'bler *n.* (סקוואב'-לער) א צאנ־קער, א שטרייטער, אן ארומקריגער, א שרייער.

squab'by *a.* (סקוואב'-אי) דיק און קורץ.

squac'co *n.* (סקוועק'-או) אזא קליינע אייראפעאישע צאפליע אדער בוטשאן [א זומפ־פויגעל].

squad *n. and v.* (סקוואד) א ראטע, א קליינע אבטיילונג [סאלדאטען אדער פאליציסטען]; צוטיילען אין ראטעס.

squad'ron *n. and v.* (סקוואד'-ראן) א סקאדראן, א ראטע קאוואלעריסטען; אן אבטיילונג פון א קריעגס־פלאטע, אן אב־טיילונג פון קריעגס־שיפען; א קוואדראט, א פיער־עק; אויסבילדען א סקאדראן; מאכען אין א געוויסען סדר; איינארדנען.

squail *n. and v.* (סקווייל) א דיסק אדער קעגעל וואס ווערט בענוצט אין א געוויסען קעגעל־שפיעל אויף א רונדען ברעט [ז. *squails*]; ציעלען אדער ווארפען מיט שטעקלעך אדער קעגלען אין א געוויסען פונקט.

squail'-board *n.* (סקווייל'-באורד) א רונד ברעט פאר א געוויסען קעגעל־שפיעל. ז. *squails*.

squails *n.* (סקוויילז) אזא שפיעל וואו קעגלען אדער דיסקען ווערען גע־שנעלט פון ברעג פון א רונדען ברעט צו א געוויסען פונקט אין צענטער.

squal'der *n.* (סהוואל'-דער) א מין זשעלע־פיש. ז. *jellyfish*.

squale *n. and v.* (סקווייל) ז. *squail*.

squal'id *a.* (סקוואל'-איד) זעהר שמוי־ציג; גראב; אונריין.

The poor are compelled to live in **squalid** neighborhoods.

squalid'ity *n.* (סקוואַ-ליד'-אי-טי) ז. *squalidness*.

squal'idly *adv.* (סקוואל'-איד-לי) אויף א שמוציגען, אונריינעם שטייגער.

squal'idness *n.* (סקוואל'-איד-נעס) שמוציגקייט; גראבקייט; אונריינקייט.

squa'liform *a.* (סקוויי'-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א האיפיש; עהנ־ליך צו א האיפיש.

squall *n. and v.* (סקוואהל) א שקוואל, א פלוצליכער שטארקער שטויס פון ווינד אויף'ן ים; א געשריי; א יללה; א ליעב־לינגס־קינד; א קעצעלע; אויסשרייען; מאכען קולי־קולות.

squall'er *n.* (סקוואהל'-ער) א שרייער.

squall'y *a.* (סקוואהל'-אי) 1. שקוואליג, מיט אפטע פלוצליכע שטויסען פון ווינד; שטורמיג; 2. דראהענד; מיט סמנים פון א שלעכטען סוף; 3. שלעכט געוועבט, מיט פיעל קניפלעך.

2. Things began to look **squally**.

squal'or *n.* (סקוואל'-אר) שמוץ, אונ־ריינקייט, פוילעניש.

squam *n.* (סקוואם) אזא מאטראזען־היטעל פון געאוילטען, וואסער־זיכערען שטאף.

squa'ma *n.* (סקוויי'-מא) א שאלעכץ, א שופ, א לוסקע; א דינער, שופען־עהנ־ליכער טייל פון א ביין.

squa'mate *a.* (סקוויי'-מייט) שופיג, בעדעקט מיט שופען; אין אנאטאמיע — וואס האט די פארם פון א שופ אדער לוסקע.

squa'mated *a.* (סקוויי'-מיי-טעד) ז. *squamate*.

squama'tion *n.* (סקוויי-מיי'-שאן) דאס זיין בעדעקט מיט שופען [ווי גע־וויסע שלאנגען, עקרעשען א. ז. וו.].

squame *n.* (סקוויים) א שופ, א שא־לעכץ פון א חיה.

squamel'late *a.* (סקוויי-מעל'-אייט) וואס האט קליינע שופען.

squamif'erous *a.* (סקוועי-מיפ'-ע-ראס) ז. *squamigerous*.

squa'miflorous *a.* (סקוויי'-מי-פלאו־ראס) אין באטאניק — וואס האט שופען־פערמיגע בליהונגען.

squa'miform *a.* (סקוויי'-מי-פארם) שופען־פערמיג; וואס האט די פארם פון א לוסקע.

squamig'erous *a.* (סקוועי-מידזש'-ע־ראס) שופיג; בעדעקט מיט שופען אדער לוסקעס.

squa'moid *a.* (סקוויי'-מאיד) ז. *squamiform*.

squa'mose *a.* (סקוויי'-מאוס) שופיג, בעדעקט מיט שופען.

squa'mous *a.* (סקוויי'-מאס) שופיג, שאליג, בעדעקט מיט שופען.

squam'ula *n.* (סקוועמ'-יו-לא) א קליינער שופ אדער שאלעכץ [ביי חיות און פלאנצען].

squam'ulate *a.* (סקוועמ'-יו-לייט) וואס האט קליינע לוסקעס אדער שופען.

squam'ule *n.* (סקוועמ'-יול) ז. *squamula*.

squam'ulose *a.* (סקוועמ'-יו-לאוס) ז. *squamulate*.

squan'der *v. and n.* (סקוואנ'-דער) פערשווענדען; צושטרייען, צושפרייטען; פערשווענדונג.

squan'derer *n.* (סקוואנ'-דער-ער) א פערשווענדער.

squan'deringly *adv.* (סקוואנ'-דער-אינג-לי) פערשווענדעריש, אויסברייננענ־דיג.

square *n., v., a. and adv.* (סקווער) א קוואדראט, א פיער־עק; איינס פון די פיער־עקיגע קעסטלעך אויף א שאך־ברעט; א ווינקעל־ליניעל [אזא ליניאל אין דער פארם פון אן L אדער T צו צייכענען אדער צו מעסטען רעכטע ווינקלען]; אן אפענער פלאץ אין א שטאדט אדער דארף וואו צוויי אדער עטליכע גאסען שניידען זיך איבער; א קווארטאל [א קוואדרא־טער פלאץ וואס איז פערבויט מיט היי־זער און בילדעט אויס די ווינקלען פון פיער גאסען]; אין מאטעמאטיק — א קוואדראט־צאהל [דער פראדוקט וואס בע־קומט זיך פון א צאהל אויף איהר אליין]; א מחנה סאלדאטען אין א קוואד־ראט־פארם; צוגעפאסטקייט, ריכטיקייט; עהרליכקייט; מאכען קוואדראט אדער

פיער־עקיג; אויסבילדען אין דער פארם פון א רעכטען ווינקעל; מאכען רעכט־ווינקעלדיג; אויסגלייכען [א חשבון], סלוק'ען; צופאסען איינס צו דעם אנדערען; מאכען פראפארציאנעל אדער פערהעלטניסמעסיג; אין מאטעמאטיק — שטעלען אין א קוואדראט־צאהל [כפל'ען א צאהל אויף איהר אליין]; געפינען דעם עקוויוואלענט אדער די גלייכע מאס פון א קוואדראט־מאס [ווי למשל, איין קוואדראט־פוס ענטהאלט 144 קוואדראט־צאל]; זיין אין א קוואדראט־פארם; קוואדראטנע, פיער־עקיג; רעכט־ווינקעלדיג; וואס קען אויסגעשטעלט אדער אויסגעדריקט ווערען אין קוואדראטען [ווי א קוואדראט־מאס]; גערעכט, עהרליך, יושר'דיג; גערעכטיג; קוויט, אויסגעגליכען [וועגען חשבונות], גע'סלוק'ט; פאלשטענדיג, אבסאלוט, ניט צווייידייטיג; פעסט געבויט; סאליד, אנשטענדיג, פול; צוגעפאסט, ריכטיג; אין מאטעמאטיק — ערהויבען אין קוואדראט, גע'כפל'ט אויף זיך אליין; גלייך, פונקט, אין א גלייכער ריכטונג.

square accounts' (סקהוועהר ע־קאונטס') אויסגלייכען די חשבונות.

square'-built *a.* (סקהוועהר'-בילט) געבויט פיער־עקיג; ווינקעלדיג; קורץ און דיק; סאליד.

He was a short, square-built old fellow.

square dance (סקהוועהר דענס) א טאנץ פון צוויי, פיער אדער אכט פאר [ווי א קאדריל].

square'-head'ed *a.* (סקהוועהר'-העד'-ער) מיט א פיער־קאנטיגען שפיץ אדער קאפ.

square'ly *adv.* (סקהוועהר'-לי) אין א קוואדראט־פארם, פיער־קאנטיג; אויף א ריכטיגען, עהרליכען שטייגער; געוויס, זיכער, אבסאלוט.

square man in the square place (סקהוועהר מען אין טהי סקהוועהר פלייס) דער ריכטיגער מאן אויף דעם ריכטיגען פלאץ.

square'ness *n.* (סקהוועהר'-נעס) קוואדראטנעקייט, פיער־עקיגקייט; ריכטיגקייט; עהרליכקייט.

square num'ber (סקהוועהר נאמ'-בער) א קוואדראט־צאהל [א צאהל וואס איז דער פראדוקט פון אן אנדער צאהל, וועלכע איז גע'כפל'ט אויף זיך אליין, ווי למשל, 25 איז די קוואדראט־צאהל פון 5, ווייל 5×5=25].

square'-rigged *a.* (סקהוועהר'-ריגד) ביי וועלכער די הויפט זעגלען הענגען אראב פון האריזאנטאלע באלקענס וואס זיינען פון מיטען צוגעבונדען צו די מאסטען [וועגען א שיף].

square root (סקהוועהר רוהט) אין מאטעמאטיק — דער קוואדראט־ווארצעל [דער ווארצעל פון א קוואדראט־צאהל, ווי למשל, דער ווארצעל פון 25 איז 5]. ז. *square number*.

square'-set *a.* (סקהוועהר'-סעט) ז. *square-built*.

square'-shoul'dered *a.* (סקהוועהר'-שאול'-דערד) מיט ברייטע ווינקעלדיגע שולטערען אדער אקסלען.

square'-spot'ted *a.* (סקהוועהר'-ספאט'-עד) מיט פיערקאנטיגע פלעקען [וועגען געוויסע באבעלעך אדער זומער־פויגעלעך].

square'-stern *n.* (סקהוועהר'-סטוירן) אזא שיף, ביי וועלכער דאס הינטערשטע ווענטעל איז פיער־קאנטיג [ניט רונד].

square the cir'cle (סקהוועהר טהי סוירקל) מאכען א קוואדראט פון א קרייז; שטרעבען צו טהאן עפּעס אונמעגליכעס.

square'-toes *n.* (סקהוועהר'-טאוז) א צופינקטליכער, פארמאליסטישער, אלטמאדישער מענש.

squar'ing *n.* (סקהוועהר'-אינג) דאס מאכען קוואדראטיש אדער פיער־עקיג.

squar'rose *a.* (סקהווער'-אוס) אין ביאלאגיע — בעדעקט מיט שופען־עהנליכע אנוואקסונגען [וועגען געוויסע פלאנצען און אינזעקטען].

squar'rous *a.* (סקהווער'-אס) ז. *squarrose*.

squar'rulose *a.* (סקהווער'-או-לאוס) אין באטאניק — שארסטיג, בעדעקט אדער בעוואקסען ווי מיט קליינע שופען.

squash *v.* *and* *n.* (סקהוואש) קוועטשען, צוקוועטשען; א קוואטש, א קוואטשיגע אדער ווייכע זאך; די צוקוועטשונג; דער קלאפ פון א קוואטשיגער ווייכער זאך, ווען זי פאלט אראב; א קירבעס; די שנויץ־מויז [ז. *muskrat*].

squash'er *n.* (סקהוואש'-ער) א צוקוועטשער, א צושמעטערער.

squash'y *a.* (סקהוואש'-אי) קוואטשיג, בלאטיג.

squat *v.*, *a.* *and* *n.* (סקהוואט) זיך איינקארטשען, זיך צונויפבויגען, זיצען הארט צו דער ערד [וועגען חיות]; זיצען איינגעקארטשעט [וועגען מענשען]; זיך בעזעצען אויף א שטיק לאנד, ניט האבענדיג קיין אייגענטומס־רעכט דארויף; קורץ און דיק; איינגעקארטשעט; דאס זיצען איינגעקארטשעט.

squat'ter *n.* (סקהוואט'-ער) א סקוואטער, א קאלאניסט וואס בעזעצט זיך אויף א פרייען שטיק לאנד, ניט האבענדיג קיין אייגענטומס־רעכט דארויף; אין אויסטראליען — איינער וועלכער בעקומט פון דער רעגיערונג פרייעס לאנד פאר פאשע פאר זעהר א קליינע אבצאהלונג.

squattoc'racy *n.* (סקהוואט-אק'-רע-סי) אין אויסטראליען — די רייכע פיהציכטער, וועלכע בעזיצען גרויסע שטיקער לאנד פאר פאשע.

squat'ty *a.* (סקהוואט'-אי) קורץ און דיק; נידריג געזעצט.

squaw *n.* (סקהוואה) אן אינדיאנערין, א ווייב, א פרוי [אין דער שפראך פון די אמעריקאנישע אינדיאנער].

squawk *v.* *and* *n.* (סקהוואהק) קוויטשען אדער פישטשען אויף א הויכען קול; א הויכער אדער שארפער קוויטש; די אמעריקאנער נאכט־צאפליע [אזא זומפּ־פויגעל].

squaw'ker *n.* (סקהוואה'-קער) איינער אדער עפּעס וואס קוויטשעט.

squaw'-man *n.* (סקהוואה'-מען) א ווייסער, וועלכער האט געהייראט אן אינדיאנערין און לעבט ווי אן אינדיאנער.

squeak *v.* *and* *n.* (סקהוויעק) קוויטשען, פישטשען, סקריפּען; ארויסגעבען א סוד, אויסזאגען פון חדר, פערראטהען די חברים; ארויסדרעהען זיך פון א פערפליכטונג; א קוויטש, א פישטשע, א סקריפּ.

squea'ker *n.* (סקהוויע'-קער) א קוויטשון, א קוויטשער; איינער אדער עפּעס וואס פישטשעט אדער קוויטשעט; א יונגער פויגעל; אזא אויסטראלישע קראהע אדער וואראנע; איינער וואס זאגט אויס פון חדר, א פעררעטהער פון זיינע חברים.

squea'kily *adv.* (סקהוויע'-קי-לי) קוויטשענדיג; מיט א פישטשענדען קול.

squea'kingly *adv.* (סקהוויע'-קינג-לי) ז. *squeakily*.

squea'ky *a.* (סקהוויע'-קי) קוויטשענד, פישטשענד.

squeal *v.* *and* *n.* (סקהוויעל) שרייען, קוויטשען [ווי פון וועהטאג, כעס, אונגעדולד]; ארויסגעבען די חברים, אויסזאגען פון חדר; מסר'ען; א שארפער, גרילצענדער געשריי.

squea'ler *n.* (סקהוויע'-לער) איינער וואס זאגט אויס פון חדר; א מוסר, א פעררעטהער פון זיינע חברים; א קוויטשון, א קוויטשער; א יונגע טויב; דער אמעריקאנער רעגען־פייפער [אזא פויגעל, ז. *golden plover*]; אזא ים־ענטעל [ז. *harlequin duck*]; די מויער־שוואלב [אזא אייראפעאישע שוואלב].

squea'mish *a.* (סקהוויע'-מיש) וועמען עס נעהמט אן שנעל אן איבעלקייט אדער ניט־גוטקייט; זעהר איידעל; מיט א פעראיידעלטען מאגען; איבערקלייבעריש; וואס איז א גרויסער בעל־מקפיד; צו פרום, צו געוויסענהאפט.

He is squeamish about accepting favors from opponents.

squea'mishly *adv.* (סקהוויע'-מיש-לי) אויף א צו איידעלען שטייגער; זייענדיג זעהר איבערקלייבעריש; אויף א צו פרומען אדער צו געוויסענהאפטען שטייגער.

squea'mishness *n.* (סקהוויע'-מיש-נעס) דאס זיין צו איידעל; דאס זיין איבערקלייבעריש; דאס זיין צו פרום אדער צו געוויסענהאפט.

squeege *v.* *and* *n.* (סקהוויעדזש) ז. *squeeze*.

squeezabil'ity *n.* (סקהוויע-זע-ביל'-אי-טי) דריקבארקייט; דאס לאזען זיך דריקען אדער קוועטשען.

squee'zable *a.* (סקהוויע'-זעבל) דריקבאר, וואס לאזט זיך דריקען אדער קוועטשען.

squeeze *v.* *and* *n.* (סקהוויעז) דריקען, קוועטשען; פרעסען; אויספרעסען, אויסקוועטשען; ארייינקוועטשען; זיך דורכקוועטשען, זיך דורכשפארען; א דריק, א קוועטש; קוועטשונג.

squeeze out (סקהוויעז אוט) אויספרעסען, אויסקוועטשען.

squee'zer *n.* (סקהוויע'-זער) איינער אדער עפּעס וואס פרעסט אדער דריקט.

squee'zing *n.* (סקהוויע'-זינג) פרעסונג, דריקונג; דאס וואס ווערט אויסגעפרעסט אדער אויסגעדריקט.

squelch *n.* *and* *v.* (סקהוועלטש) א צושמעטערענדער קלאפּ; א שווערער פאל; צושמעטערען, פערניכטען; דערשלאגען; צושמעטערט ווערען.

squib *n.* *and* *v.* (סקהוויב) א ראקעט פון פייערווערק; א וויציגער אויסדרוק, א סאטירע; א פאסקוויל, א שפאט־בריעף; שפאטען, שטעכען מיט רייד; שרייבען א סאטירע אויף אימעצען.

squib'bish *a.* (סקהוויב'-איש) וואס פערבלענדעט אויף א ווייל; שרייעריש בלענדענד; ווי א בליץ.

squid *n.* *and* *v.* (סקהוויד) דער קאלמאר [אזא קליינער טינט־פיש (ז. *cuttlefish*), וואס ווערט געברויכט אנצוטשעפּען אויף א ווענטקע אלס א קעדער אדער צוציהונגס־שפייז צו כאפּען פיש]; א קינסטליך־געמאכטער קאלמאר, וואס דיענט אלס קעדער צו כאפּען פיש; כאפּען פיש מיט קינסטליך־געמאכטען קאלמאר.

squid'ding *n.* (סקהוויד'-אינג) דאס כאפּען פיש מיט א קאלמאר. ז. *squid*.

squid'-jig'ging *n.* (סקהוויד'־דזשיג'־אינג) ז. *squidding*

squig'gle *v.* (סקהוויגל) זיך דרעהען ווי א̈ן אאל אדער ווירנע; שווינקען דעם האלז, גארגלען.

squill *n.* (סקהוויל) אין באטאניק—די ים־ציבעלע [אזא דרום־איראפּעאישע פלאנצע, וואס ווערט אפט געברויכט אין מעדיצין אלס א מיטעל אבצופיהרען השתנה]; אין זא־אלאגיע—די סקווילע [אזא קליינער ים־ראק וואס האט די פארם פון א מאנטים־היישעריק. ז. *Mantis*].

Squill

squinch *n.* (סקהווינטש) אין ארכיטעקטור — א קליינע ארקע אדער בויגען וואס ווערט אויסגעמויערט איבער א ווינקעל צו פערשטארקעןביידע זייטען.

squint *v., a. and n.* (סקהווינט) מאכען קאסאקע אדער קרום־אויגיג; קוקען מיט האלב־פערמאכטע אויגען; קוקען אויף עפעס פון דער זייט; קרום קוקען; א ווינק טהאן; אנדייטען אינדירעקט; מרמז זיין; קאסאקע, קרום־אויגיג; קרום, ניט דירעקט; סטראביזם, קרום־אויגינקייט; דאס קוקען קרום, אן איינזייטיגער בליק; א קרומע אדער אינדירעקטע נייגונג אדער שטרעבונג.

squin'ter *n.* (סקהווינ'־טער) איינער וואס קוקט קאסאקע; א קרום־אויגיגער מענש.

squint'-eyed *a.* (סקהווינט'־איד) מיט קאסאקע אויגען; מיט א קרומען בליק; בייזהאפט, פיינדליך.

squin'ting *n.* (סקהווינ'־טינג) קרום־אויגינקייט.

squin'tingly *adv.* (סקהווינ'־טינג־לי) קרום־אויגיג; קאסאקע.

squire *n.* (סקהוואיר) א לאנד־אייגענטימער אין ענגלאנד, וואס איז א פריעדענס־ריכטער; א פריעדענס־ריכטער, א לאקאלער אדער ארטיגער ריכטער [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אן עהרען־טיטול; אן אדעל־טיטול נידריגער אלס ריטער; א קאוואליער, א דאמען־בעגלייטער, א דאמען־פערעהרער; א פראנט.

squire a la'dy (סקהוואיר ע ליי'־די) נאכגעהן אדער אפט בעזוכען א דאמע.

squire'arch *n.* (סקהוואיר'־ארק) א גרויסער לאנד־בעזיצער אין ענגלאנד; אן ענגלישער לאנד־בעזיצער וואס איז א פריעדענס־ריכטער.

squire'archy *n.* (סקהוואיר'־אר־קי) די גרויסע לאנד־בעזיצער [אין ענגלאנד], דאס יונקערטום אין ענגלאנד.

squireen' *n.* (סקהוואיר־איען') אין אירלאנד — א קליינער גוטס־בעזיצער.

squire'hood *n.* (סקהוואיר'־הוד) די יונקערשאפט; די לאגע און ווירדע פון א לאנד־יונקער.

squire'ly *adv. and a.* (סקהוואיר'־לי) מעשה לאנד־יונקער; לאנד־יונקעריש.

squire'ship *n.* (סקהוואיר'־שיפּ) ז. *squirehood*

squir'ess *n.* (סקהוואיר'־עס) די פרוי פון א לאנד־יונקער.

squirm *v. and n.* (סקהוואירם) זיך שלענגלען, זיך דרעהען מיט'ן קערפּער [ווי א ווארים]; קלעטערען ארויף, דרעהענדיג מיט'ן קערפער; דאס דרעהען אדער בויגען דעם קערפער [ווי א ווארים].

squir'rel *n.* (סקהוואר'־על) א וועווערקע.

squir'rel-fish *n.* (סקהוואר'־על־פיש) אזא פיש וואס איז בעוואקסען מיט שארפע שטאכלען כמעט איבער'ן גאנצען קערפער.

squir'rel-mon'key *n.* (סקהוואר'־על־מאנ'־קי) ז. *marmoset*

squirt *v. and n.* (סקהוואירט) שפּריצען, בעשפּריצען; א שפּריץ טהאן; א שפּריצער; א שפּריץ [פון וואסער]; א שוואכער מאגען; דאס לאקסירען; א גראבער יונג; א קליין מענשעלע וואס האלט זיך פאר א גרויסען לייט.

squir'ter *n.* (סקהוואיר'־טער) א שפּריצער [איינער וואס שפּריצט].

squir'y *n.* (סקהוואיר'־אי) דאס יונקערטום, דער לאנד־אדעל.

squob *a., n. and v.* (סקהוואב) ז. *squab*

Sr. פערקירצונג פון *senior*

S. S. ראשי תבות פון *Sunday-school* אדער פון *steamship*

ss. פערקירצונג פון *scilicet*, נעמליך [ווערט געברויכט אין אפּיציעלע דאקומענטען].

SS. פערקירצונג פון *saints*

S. S. E. ראשי תבות פון די ווערטער *south-southeast*

S. S. W. ראשי תבות פון די ווערטער *south-southwest*

St. אבקירצונג פון *street* אדער פון *saint*

'st *int.* (סט) סט! שא! שטיל! ז. *hist*

stab *v. and n.* (סטעב) שטעכען, דערשטעכען; שטעכען, דערשטעכען אדער שעדיגען הינטען־ארום; פערוואונדען; וועה טהאן, שניידען, פעראורזאכען ליידען [מיט ווערטער, פערלוימדונגען א. ז. וו.]; לעגען די ציגעל אין א וואנד ניט גאנץ גלייך; א שטאך [מיט א מעסער, קינזשאל א. ז. וו.]; א וואונד פון א שטאך; א וואונד אדער בעשעדיגונג וואס מען בעקומט אין דער פינסטער אדער הינטען־ארום.

stab'ber *n.* (סטעב'־ער) איינער וואס שטעכט אדער דערשטעכט; א שטעכער; אן אל.

stab'bing *n.* (סטעב'־אינג) דאס מאכען לעכער אין דעם רוקען פון א בוך [ביים איינבינדען].

stab'bingly *adv.* (סטעב'־אינג־לי) שטעכענדיג, דערשטעכענדיג; דערשטעכענדיג אדער שעדיגענדיג הינטען־ארום; מיט דער אבזיכט צו שעדיגען הינטען־ארום.

stab'bing-machine' *n.* (סטעב'־אינג־מע־שין') א מאשין דורכצושטעכען די רוקענס פון ביכער [ביים איינבינדען].

stab'bing-press *n.* (סטעב'־אינג־פרעס) ז. *stabbing-machine*

stabil'iment *n.* (סטע־ביל'־אי־מענט) איינפעסטיגונג, בעפעסטיגונג; דאס מאכען סטאביל, שטאנדהאפט אדער דויערהאפט; א שטיצע, אן אונטערשפארע.

stabilisa'tion *n.* (סטעב־איל־אי־זיי'־שאן) ז. *stabilization*

stab'ilise *v.* (סטעב'־איל־איז) ז. *stabilize*

stabil'itate *v.* (סטע־ביל'־אי־טייט) מאכען סטאביל, שטאנדהאפט, איינגעפעסטיגט אדער דויערהאפט.

stabil'ity *n.* (סטע ביל'־אי־טי) פעסטקייט; שטאנדהאפטיגקייט; בעשטענדיגקייט, אויסגעהאלטענקייט, דויערהאפטיגקייט; די נייגונג פון א באלאנסירענדען קערפער צו קומען צוריק אין גלייכגעוויכט.

stabiliza'tion *n.* (סטעב־איל־אי־זיי'־שאן) דאס מאכען סטאביל אדער שטאנדהאפט; בעפעסטיגונג; דאס מאכען בעשטענדיג, אנהאלטענד אדער דויערהאפט.

stab'ilize *v.* (סטעב'־איל־איז) מאכען סטאביל, שטאנדהאפט אדער פעסט; מאכען בעשטענדיג אדער דויערהאפט.

sta'ble *n., v. and a.* (סטייבל) א שטאל; א פיה־שטאל; א פערד־שטאל; וועט־לויף פערד פון א בעשטימטען בעל־הבית; ארייננשטעלען אין א שטאל, האלטען אין א שטאל; וואהנען, זיך אויפהאלטען [וועגען חיות]; איינשטעלען; בעפעסטיגען; מאכען סטאביל, שטאנדהאפט אדער זיכער; אונטערשפארען, אונטערשטיצען; שטעהן פעסט, זיין פעסט אדער שטאנדהאפט; פעסט, שטאנדהאפט; בעשטענדיג, אנהאלטענד, דויערענד; ענטשלאסען.

sta'ble-boy *n.* (סטיי'בל־באי) א שטאל־יונג.

sta'ble-call *n.* (סטיי'בל־קאהל) א סיגנאל צום אנטרינקען און פוצען די פערד [אין קאוואלעריע און ארטילעריע]; די צוזאמענקונפט פון א קאוואלעריע אדער ארטילעריע־אבטיילונג צום אנטרינקען און פוצען די פערד.

sta'ble-fly *n.* (סטיי'בל־פלאי) א שטאל־פליעג, אזא בייסענדע הויז־פליעג.

sta'ble-man *n.* (סטיי'בל־מען) א שטאל־קנעכט, א שטאל־דיענער.

sta'bleness *n.* (סטיי'בל־נעס) ז. *stability*

sta'bler *n.* (סטיי'־בלער) איינער וואס האלט פרעמדע פערד אין זיינע שטאלען פאר א בעשטימטען געצאהלט.

sta'ble-room *n.* (סטיי'בל־רוהם) פלאץ אין א שטאל; פלאץ פאר שטאלען.

sta'bling *n.* (סטיי'־בלינג) דאס אריינגעהמען אדער ארייננשטעלען אין א שטאל; שטאלען; בעזארגונג מיט שטאלען.

stab'lishment *n.* (סטעב'־ליש־מענט) ז. *establishment*

sta'bly *adv.* (סטיי'־בלי) אויף א סטאבילען שטייגער; מיט שטאנדהאפטיגקייט, מיט פעסטקייט, מיט זיכערהייט; אויף א דויערהאפטען שטייגער.

stabula'tion *n.* (סטעב־יו־ליי'־שאן) ז. *stabling*

stac'ca *n.* (סטעק'־א) אזא תבואה־מאס פון אונגעפעהר דריי בושעל [ווערט געברויכט אין איינינגע טיילען פון ענגלאנד].

staccatis'simo *a.* (סטעק־קע־טיס'־אי־מא) אין מוזיק — שטארק סטאקאטא. ז. *staccato*

stacca'to *a.* (סטעק־קא'־טא) אין מוזיק — סטאקאטא [אבגעהאקט].

stack *n. and v.* (סטעק) א קופּע; א סקירדע, א סטערדע, א סטאג [שטרוי, זאנגען א. ז. וו.]; א שטאס האלץ [108 קוביק פוס]; עטוואס אויפגעשטעלט ווי א פּיראמידע; א פּיראמידען־עהנליכע צוזאמענשטעלונג פון ביקסען; א קוימען; א רייה קוימענס; א קופּע דרוק־פּאפּיער; א רייה ביכער־פּאליצעס; א הויכער משופּע'דיגער פעלז וואס שטארצט ארויס פון ים; אוועקלעגען אין א קופּע אדער סקירדע; אונטערטאשען קארטען [אום צו בעשווינדלען].

stack'age *n.* (סטעק'־עדזש) היי, תבואה א. ז. וו. געלעגט אין קופּעס, סטאגען אדער

סקירדעס [סטערדעס]; אן אבצאהלונג אויף זאכען וואס זיינען אויסגעלעגט אין קופעס אדער סקירדעס [ווי היי, תבואה א. ז. וו.].

stack arms (סטעק ארמז) צונויפשטעלען ביקסען אין דער פארם פון א פיראמידע.

stack′-bor′er *n.* (סטעק′-באור′-ער) אן אינסטרומענט דורכצולעכערען א קופע [סטאג] היי [אום אריינצולאזען פרישע לופט און פערמיידען פוילונג].

stack′er *n.* (סטעק′-ער) א פארריכטונג ביי א דרעש־מאשין ארויפצואווארפען שטרוי אויף א וואגען אדער אויף א קופע.

stack′-fun′nel *n.* (סטעק′-פאנ′-על) א פיראמידאלער געשטעל פון האלץ אין׳ם צענטער פון א סטערדע [סקירדע] קארן, שטרוי א. ז. וו. [אום אריינצולאזען לופט]. ז. *stack-stand*.

stack′-guard *n.* (סטעק′-גארד) א צודעק פאר א קופע היי אדער פאר א סקירדע [סטערדע] תבואה.

stack′ing-band *n.* (סטעק′-אינג-בענד) א שטעקען אדער שטריק צום בעפעסטיגען א קופע [סטאג] היי אדער א סקירדע שטרוי אדער גארבען.

stack′ing-belt *n.* (סטעק′-אינג-בעלט) ז. *stacking-band*.

stack′ing-stage *n.* (סטעק′-אינג-סטיידזש) א געשטעל געברויכט ביים צונויפלעגען א סטערדע [סקירדע] שטרוי, גארבען א. ז. וו.

stacks *n.* (סטעקס) 1. א גרויסע צאהל, א סך; 2. קופעס, סקירדעס; רייהען קוימענס; רייהען ביכער־פאליצעס; 3. הויכע שפיציגע פעלזען, וואס שטארצען ארויס פון וואסער. ז. *stack*.

1. He has stacks of money. 2. The room is full of stacks of books.

stack′-stand *n.* (סטעק′-סטענד) אן אונטערלאגע פאר א קופע [סטאג] היי אדער סקירדע תבואה.



Stack-stand

stack′-yard *n.* (סטעק′-יארד) א טויק, אן ארומגעצאמטער פלאץ פאר קופעס היי אדער סקירדעס תבואה.

stac′te *n.* (סטעק′-טיע) מירהע אדער מור [אזא שמעקעדיגער פלאנצען־זאפט]. ז. *myrrh*.

stactom′eter *n.* (סטעק-טאמ′-ע-טער) אזא גלאז־רעהרעל צו בעשטימען די צאהל טראפענס אין צוויי פערשיעדענארטיגע פליסיגקייטען פון א גלייכער מאס.

stad′da *n.* (סטעד′-א) אזא האנד־זעג צום אויסשניידען די צייהנדלעך אין קאמען.

stad′dle *n.* and *v.* (סטעדל) א געשטעל פאר א קופע היי אדער פאר א סקירדע תבואה; א יונג בוימעל, וואס מען לאזט איבער, ווען מען האקט אויס א וואלד; א איינע פון די קופקעס היי, אין וועלכע מען ווארפט פאנאנדער א קופע היי צום טריקענען; איבערלאזען יונגע בוימלעך ביים אויסהאקען וואלד; פאנאנדערווארפען א קופע היי אין קופקעס [צום טריקענען].

stade *n.* (סטייד) א לאנדונגס־פלאץ [פאר שיפען]; א סטאדיום [אן אלט־גריכיישע וועג־מאס פון אונגעפעהר 180 מעטער].

stad′holder *n.* (סטעד′-האול-דער) א שטאאט־האלטער [א גובערנאטאר אדער וויצע־גובערנאטאר פון א פראווינץ אין אמאליגען נידערלאנד; דער העכסטער בעאמטער פון די אמאליגע פעראייניגטע נידערלענדישע שטאאטען].

stad′holderate *n.* (סטעד′-האול-דער-אייט) דאס אמט פון א שטאאט־האלטער. ז. *stadholder*.

stad′holdership *n.* (סטעד′-האול-דער-שיפ) ז. *stadholderate*.

sta′dia *n.* (סטיי′-די-א) א צייטווייליגע מעסט־סטאנציע [ביי לאנד־מעסטונג]; אזא מעסט־אינסטרומענט [צו מעסטען דיסטאנצען]; דער געברויך פון דיעזען מעסט־אינסטרומענט; סטאדיומס, סטאדיען [ז. *stadium*].

sta′dium *n.* (סטיי′-די-אם) א סטאדיום [אן אלט־גריכישע וועט־לויף ארענא; אן אלט־גריכישע לענגען־מאס פון אונגעפעהר 180 מעטער]; א סטאדיע, א פעריאדע, א צושטאנד־שטופע, אן ענטוויקלונגס־שטופע [הויפטזעכליך פון א קראנקהייט].

stadt′holder *n.* (סטעט′-האול-דער) ז. *stadholder*.

staff *n.* (סטעף) א שטעקען, א שטאק; אן אמטס־שטאק, א פלאקען; אן אונטערשפארע, אן אונטערשטיצע; א שטאב [פון א מיליטערישער אבטיילונג], א פערזאנאל, א גרופע בעאמטע אדער אנגעשטעלטע; אין מוזיק — די נאטען־ליניען־סיסטעם [די פינף נאטען־ליניען]; אזא גיפס צו פלאסטערען אדער שטוקאטורעווען.

staff′-cap′tain *n.* (סטעפ′-קעפ′-טיין) א שטאב־קאפיטאן [דער אויבער־קאפיטאן אין דער ענגלישער פלאטע].

staff′-comman′der *n.* (סטעפ′-קא-מענ′-דער) א שטאב־קאמאנדיר [אן אונטער־קאפיטאן אין דער ענגלישער פלאטע].

staff′-degree′ *n.* (סטעפ′-די-גריע′) א פלאץ אין דער נאטען־ליניען סיסטעם [אויף די פינף נאטען־ליניען אדער צווישען זיי].

staff′-du′ty *n.* (סטעפ′-דיו′-טי) שטאב־דיענסט, די פליכטען פון א שטאב־אפיציער.

staffed *a.* (סטעפט) בעזארגט מיט א שטאב אדער פערזאנאל [פון בעאמטע אדער אנגעשטעלטע].

staff′-nota′tion *n.* (סטעפ′-נא-טיי′-שאן) נאטען־בעצייכנונג [אין מוזיק].

staff′-of′ficer *n.* (סטעפ′-אפ′-אי-סער) א שטאב־אפיציער [איינער פון׳ם שטאב פון א מיליטערישער אבטיילונג].

staff′-sur′geon *n.* (סטעפ′-סויר′-דזשאן) א שטאב־דאקטאר [אין מיליטער אדער אין דער פלאטע].

staff′-tree *n.* (סטעפ′-טריע) דער צעלאסטער [אזא בוימעל אדער אזא קלעטערענדע פלאנצע].

staff′-vine *n.* (סטעפ′-וואין) ז. *staff-tree*.

stag *n.* and *v.* (סטעג) דער "ער"־הירש; דער "ער" פון איינינע אנדערע חיות און אויך פון פויגלען; א יונג פערד; א קאסטרירטער אקס; אן "ער"־פוקס; א גאנער, א גענסער; אן אינדיק; א האהן; א בערזען־מעקלער וואס איז ניט קיין בערזען־מיטגליעד; א בערזען־שפעקולאנט; שפעקולירען אויף דער בערזע; נאכפאלגען, נאכשפיאנירען.

stag′-bee′tle *n.* (סטעג′-ביע′טל) א הירש־קעפער, א הירש־זשוק [אזא אינזעקט מיט ארויסשטארצונגען ביים קאפ, וועלכע דערמאהנען מיט זייער אויסזעהן אן הירש־הערנער].

Stag-beetle

stag′-dance *n.* (סטעג′-דענס) א טאנץ פון קאוואליערען אהן דאמען [א הומאריסטישער אויסדרוק].

stag′-din′ner *n.* (סטעג′-דינ′-ער) א מענער־אונטערהאלט אדער מאהלצייט [אהן פרויען].

stage *n.* and *v.* (סטיידזש) 1. א געשטעל, א בריקעל, א פלאטפארם; א ביהנע; די טעאטער־ביהנע; דאס טעאטער; א לאנדונגס־פלאץ; 2. א טהעטיגקייטס־געביט, א טהעטיגקייטס־פעלד, א שויפלאץ, א סצענע; 3. א סטאנציע, א פאסט־סטאנציע, אן אבשטעל־פלאץ, אן עטאפ, די שטרעקע צווישען איין אבשטעלפלאץ און צווייטען אדער צווישען איין סטאנציע און דער צווייטער; א דיליזשאנס, א פאסט־וואגען; אן אמניבוס; 4. א שטאנד, א גראד, א שטופע, אן ענטוויקלונגס־שטופע; 5. אויפפיהרען אויף דער ביהנע; 6. רייזען מיט א דיליזשאנס אדער מיט פאסט.

2. China is now the stage of great political events. 4. Europe and Africa are in widely different stages of civilization. 5. The drama was beautifully staged.

stage′-box *n.* (סטיידזש′-באקס) די פראסצעניום־לאזשע [די לאזשע אין טעאטער נעבען דער סצענע].

stage′-car′penter *n.* (סטיידזש′-קאר′-פענ-טער) א טעאטער־מייסטער [א טעאטער־אנגעשטעלטער וואס בעשעפטיגט זיך מיט צוזאמענשטעלען די דעקאראציאנען].

stage′-car′riage *n.* (סטיידזש′-קער′-אידזש) ז. *stage-coach*.

stage′-coach *n.* (סטיידזש′-קאוטש) א פאסט־וואגען, א דיליזשאנס.

stage′-craft *n.* (סטיידזש′-קרעפט) די ביהנען־קונסט [די קונסט צו שרייבען טעאטער־שטיק אדער זיי אויפצופיהרען].

stage′-direc′tion *n.* (סטיידזש′-די-רעק′-שאן) די ביהנען־ווייזונג [די אינסטרוקציאנען וואס דער דראמען־שרייבער גיט אין דער פיעסע וועגען דער אויסשטאטונג פון דער ביהנע, וועגען דער מאניערע צו שפיעלען א. ז. וו.].

stage′-direc′tor *n.* (סטיידזש′-די-רעק′-טאר) דער ביהנען־איינריכטער [איינער וואס האט אונטער זיין אויפזיכט די ביהנען־אויסשטאטונג, ווי די דעקאראציאנען, די ביהנען־עפעקטען א. ז. וו.].

stage′-door *n.* (סטיידזש′-דאור) דער אריינגאנג צו דער ביהנע און צו דעם אונטער⸗קוליסען טייל פון׳ם טעאטער, דער טעאטער⸗אריינגאנג פאר די אקטיארען און ארבייטער.

stage′-dri′ver *n.* (סטיידזש′-דראי′-ווער) א דיליזשאנס⸗אנטרייבער, אן אנטרייבער אויף א פאסט⸗וואגען.

stage′-effect′ *n.* (סטיידזש′-ע-פעקט′) א ביהנען⸗עפעקט; א געמאכטער עפעקט.

stage′-fe′ver *n.* (סטיידזש′-פיע′-ווער) א שטארקע נייגונג צו דער ביהנע, א שטארקער חשק צו ווערען אן אקטיאר אדער אקטריסע.

stage′-fright *n.* (סטיידזש′-פראיט) ביהנען⸗פיעבער [נערוועזיטעט אדער מורא, וואס מען פיהלט ארויסטרעטענדיג פאר א פובליקום, הויפטזעכליך צום ערשטען מאל].

stage′-hand *n.* (סטיידזש′-הענד) א ביהנען⸗ארבייטער [וואס שטעלט איבער די דעקאראציאנען און טהוט אנדערע עהנליכע ארבייט].

stage′-house *n.* (סטיידזש′-האוס) א פאסט⸗סטאנציע, א הויז, וואו א פאסט⸗וואגען אדער דיליזשאנס בייט די פערד און נעהמט אויף נייע פאסאזשירען.

stage′-man′ager *n.* (סטיידזש′-מענ′-עדזש-ער) א טעאטער⸗רעזשיסער.

stage′-pain′ter *n.* (סטיידזש′-פיינ′-טער) א דעקאראציאנס⸗מאלער [איינער וואס מאלט טעאטער⸗דעקאראציאנען].

stage′-play *n.* (סטיידזש′-פליי) א שוישפיעל, א טעאטער⸗שטיק [וואס ווערט אויפגעפיהרט אין טעאטער, אין געגענזאץ צו אזא, וואס איז בלויז צום לייענען].

stage′-play′er *n.* (סטיידזש′-פליי′-ער) א שוישפיעלער, אן אקטיאר.

stage′-prop′erties *n.* (סטיידזש′-פראפ′-ער-טיז) טעאטער⸗רעקוויזיטען [דעקאראציאנען, קאסטיומען א. ז. וו.].

sta′ger *n.* (סטיי′-דזשער) "אן אלטער היהנער⸗פרעסער"; א מענש מיט ערפאהרונג, א מענש וואס האט געזעהן א וועלט; א דיליזשאנס⸗פערד.

stage′-right *n.* (סטיידזש′-ראיט) ביהנען⸗רעכט, דאס רעכט אויפצופיהרען א שוישפיעל; דעם פערפאסער׳ס רעכט אויף א דראמאטישען ווערק.

stage′-set′ter *n.* (סטיידזש′-סעט′-ער) א שוישפיעל⸗אויסשטאטער [איינער וואס שטאטעט אויס א פארשטעלונג].

stage′-struck *a.* (סטיידזש′-סטראק) וואס האט א שטארקע נייגונג צו דער ביהנע, וואס האט א גרויסען חשק צו ווערען אן אקטיאר אדער אן אקטריסע.

stag′-e′vil *n.* (סטעג′-איע′וול) מויל⸗קראמפף ביי פערד. ז. *lockjaw*.

stage′-wag′on *n.* (סטיידזש′-הוועג′-אן) די פראכט⸗פאסט, א פאסט⸗וואגען פאר סחורות און פאסאזשירען.

stage′-wait *n.* (סטיידזש′-הווייט) אן אבהאלט אין א פארשטעלונג [צוליעב אן אקטיאר אדער ביהנען⸗ארבייטער].

stage′-whis′per *n.* (סטיידזש′-הוויס′-פער) דאס שעפטשען אין דער הויך [ווי עס ווערט געטהאן אויף דער ביהנע], א בעמערקונג אן א זייט; א שעפטשען וואס קען געהערט ווערען פון זייטיגע מענשען.

stage′wright *n.* (סטיידזש′-ראיט) א דראמען⸗שרייבער, א פיעסען⸗שרייבער.

sta′gey *a.* (סטיי′-דזשי) ז. *stagy*.

sta′geyness *n.* (סטיי′-דזשי-נעס) טעאטראלישקייט, אונגאטירליכקייט, איבערטריבענהייט. ז. *staginess*.

stag′gard *n.* (סטעג′-ארד) א פיער⸗יעהריגער הירש, א ניט פאלשטענדיג⸗אויסגעוואקסענער הירש.

stag′gart *n.* (סטעג′-ארט) ז. *staggard*.

stag′ger *v. and n.* (סטעג′-ער) 1. זיך וואקלען, זיך שאקלען; וואקלען, שאקלען; 2. זיין אונענטשלאסען אדער אונזיכער, צווייפלען; מאכען אונענטשלאסען אדער אונזיכער; ארויסרופען צווייפעל; 3. איינריכטען אין זיג⸗זאגען; 4. א וואקעל, א שאקעל.

1. A violent blow made him **stagger** backward. 2. His spirit of enterprise stops at no expenses, **staggers** at no difficulties.

stag′ger all belief′ (סטעג′-ער אהל בי-ליעף′) זיין העכסט אונגלויבליך.

stag′ger-bush *n.* (סטעג′-ער-בוש) אזא אמעריקאנישער קוסט [פון זיינע בלעטער, האט מען אמאל געגלויבט, קומט קאפ⸗שווינדלונג ביי פיה].

stag′gerer *n.* (סטעג′-ער-ער) איינער אדער עטוואס וואס שאקעלט זיך אדער וואקעלט זיך; איינער אדער עטוואס וואס רופט ארויס וואקלונג; איינער אדער עטוואס וואס רופט ארויס אונענטשלאסענהייט, אונזיכערהייט אדער צווייפעל; אן ערשטוינענדער ארגומענט, אן איבעררא⸗שענדע בעהויפטונג; אן ערשטוינונג; עטוואס וואס ערשטוינט אדער צוטומעלט.

stag′gering *a. and n.* (סטעג′-ער-אינג) זיך וואקלענד; אונענטשלאסען, אונזיכער, צווייפלענד; וואקלונג, אונענטשלאסענהייט, אונזיכערהייט, צווייפלונג.

stag′geringly *adv.* (סטעג′-ער-אינג-לי) זיך וואקלענדיג, זיך שאקלענדיג; מיט אונענטשלאסענהייט, מיט אונזיכערהייט, צווייפלענדיג.

stag′gers *n.* (סטעג′-ערז) קאפ⸗שווינדעל, ניט⸗גוטקייט; קאפ⸗שווינדעל ביי בהמות, בעזאנדערס ביי שעפסען; צוטומעלטקייט, איבערראשונג, פערלעגענהייט, אונזיכערהייט, צווייפלונג.

stag′gerwort *n.* (סטעג′-ער-הוואירט) יאקאבס⸗קרייצקרויט [אזא פלאנצע, וואס פלעגט געברויכט ווערען אלס מיטעל געגען קאפ⸗שווינדעל ביי בהמות].

stag′-head′ed *a.* (סטעג′-הער′-עד) מיט אבגעשטארבענע, פערדארטע צווייגען [וועגען בוימער].

stag′hound *n.* (סטעג′-האונד) אזא שטארקער יאגד⸗הונד, געברויכט ביים געיעג אויף הירשען.

sta′giness *n.* (סטיי′-דזשי-נעס) טעאטראלישקייט, געקינסטעלטקייט, אפעקטירטקייט; א בעזונדערער צושטאנד פון א חיה [ווי למשל, ביים פערלירען די האר פון דער פעל אין געוויסע צייטען].

sta′ging *n.* (סטיי′-דזשינג) א רעשטאוואניע; א צייטווייליגע פלאטפארמע; דאס דיליזשאנסען⸗געשעפט; דאס פאהרען אין דיליזשאנסען אדער פאסט⸗וואגענס.

Stag′irite *n.* (סטעדזש′-אי-ראיט) דער סטאגיריט, דער גריכישער פילאזאף אריסטאטעל וואס איז געבוירען געווארען אין סטאגירא [א מאצעדאנישע שטאדט].

stag′nancies *n.* (סטעג′-נען-סיז) עטוואס אונבעוועגליכעס אדער שטיל⸗שטעהענדעס; א שטעהענדעס וואסער.

stag′nancy *n.* (סטעג′-נען-סי) ז. *stagnation*.

stag′nant *a.* (סטעג′-נענט) 1. אונבעוועגליך, וואס ריהרט זיך ניט; שטיל⸗שטעהענד, שטעהענדיג [וועגען וואסער]; 2. אפאטיש, ניט⸗ריהרעוודיג, פערשלאפען, טויט.

1. It is an unwholesome place on account of the many **stagnant** pools. 2. Business is **stagnant**.

stag′nantly *adv.* (סטעג′-נענט-לי) שטיל⸗שטעהענדיג, אונבעוועגליך; אויף אן אפאטישען, פערשלאפענעם אדער טויטען שטייגער.

stag′nate *v.* (סטעג′-נייט) ווערען אונבעוועגליך; בלייבען שטעהן [וועגען א וואסער]; ווערען אפאטיש, פערשלאפען אדער טויט.

stagna′tion *n.* (סטעג-ניי′-שאן) שטיל⸗שטאנד, אונבעוועגליכקייט; דאס זיין שטעהענדיג [וועגען וואסער]; אפאטישקייט, טויטקייט, פערשלאפענקייט.

stagnic′olous *a.* (סטעג-ניק′-א-לאס) וואס לעבט אין שטעהענדיגע, ניט פליסענדע וואסערען; וואס האלט זיך אויף אין זומפען.

stag′-par′ty *n.* (סטעג′-פאר′-טי) א מענער⸗אונטערהאלט [אהן פרויען].

stag′-worm *n.* (סטעג′-הוואירם) דער הירש⸗ווארם [די לארווא פון געוויסע פליגען, וואס האלטען זיך אויף אין דער הויט פון הירשען].

sta′gy *a.* (סטיי′-דזשי) טעאטראליש, געקינסטעלט, אפעקטירט.

stahl′spiel *n.* (סטאל′-ספיעל) אזא מיליטערישער מוזיקאלישער אינסטרומענט אין דער פארם פון א לירע.

staid *a.* (סטייד) 1. ערנסט, רוהיג, געלאסען, געזעצט; 2. געבליבען [ז. *stay*].

1. My room-mate is a **staid** old gentleman.

staid′ly *adv.* (סטייד′-לי) אויף א רוהיגען, ערנסטען, געלאסענעם אדער געזעצטען אופן.

staid′ness *n.* (סטייד′-נעס) געזעצטקייט, ערנסטקייט, רוהיגקייט, געלאסענהייט.

stain *v. and n.* (סטיין) פלעקען, פערפלעקען, מאכען א פלעק; פערפלעקט ווערען; פעראונרייניגען, בעשמוצען; ברייגען שאנדע, ארויפווארפען א שאנד⸗פלעק; פערדארבען; פערדארבען ווערען; פערטונקלען, פערטונקעלט ווערען; פארבען; א פלעק; א שאנד⸗פלעק; פארב, פארב⸗שטאף.

stained cloth (סטיינד קלאהטה) געוואנד געפארבט אזוי עס זאל אויסזעהן ווי א טעפיך אדער קאווער.

stained glass (סטיינד גלעס) גלאז מיט איינגעברענטע פיגורען, געפארבטעס גלאז.

stai′ner *n.* (סטיי′-נער) איינער אדער עטוואס וואס בעפלעקט אדער פארבט; א פארבער; א פארב⸗שטאף; איינער אדער עטוואס וואס מאכט א שאנד⸗פלעק, בעשמוצט אדער פעראונווירדיגט.

stain′less *a.* (סטיינ′-לעס) אונבעפלעקט; אהן א פגם.

stain′lessly *adv.* (סטיינ′-לעס-לי) אויף אן אונבעפלעקטען אופן.

stair *n.* (סטעהר) א טרעפ, א שטאפעל; א שטיג.

stair′case *n.* (סטעהר′-קייס) שטיגען, טרעפ.

stair′case-shell *n.* (סטעהר′-קייס-שעל) א שטיגען⸗מושעל. ז. *Solarium*.

stair′-foot *n.* (סטעהר′-פוט) דער אונטערשטער אבשטעל פון שטיגען.

stair′-head *n.* (סטעהר′-העד) דער אויבערשטער טרעפען⸗אבשטעל.

stair′-rail *n.* (סטעהר′-רייל) דער טרעפען⸗געלענדער, די פארענטשע פון טרעפ.

stair′-rod *n.* (סטעהר′-ראד) א טעפיך⸗שטענגעל [א מעטאלענעס שטעקעל אדער

א שטיק בלעך צום בעפעסטיגען דעם טעפיך אדער קאוויאר, וואס בעדעקט די טרעפ].

stair'way *n.* (סטעהר'-הוויי) ז. *staircase*

stair'-wire *n.* (סטעהר'-הוואיר) א טעפיך-שטענגעל. ז. *stair-rod*

stake *n. and v.* (סטייק) א פלאקען, א סלופ, א שטאנג; א שאנד-סלופ; א מארטער-סלופ [איבער א שייטער-הויפען, צו וועלכען עס ווערט צוגעבונדען איינער וואס איז פעראורטיילט געווארען צום פערברענען]; א סלופ צום אויסציהען א פעל [ביים בעארבייטען]; א ווערטיקאלער שטאנג ביי א וואגען אדער ביי א פראכט-וואגען צו פערהאלטען די משא; אזא קליינע קאוואדלע; איינשטעל-געלד; דאס וואס ווערט איינגעשטעלט אין קאן אדער ריזיקע; דאס שטעהן אין קאן; אן אינטערעס אין עפעס; עטוואס וואס שטעהט צו פערלירען אדער צו געווינען; צובינדען צו א פלאקען אדער סלופ; צופעסטיגען; איינצאמען, איינשרענקען; אונטערשפארען מיט שטאנגען אדער פלעקער; אבצאמען אדער בעשיצען מיט פלעקער; בעצייכנען געוויסע פונקטען דורך פלעקער; אויסציהען פעל אויף א סלופ; איינשטעלען, שטעלען אין קאן, ריזיקירען.

stake'-boat *n.* (סטייק'-באוט) א שיפעל וואס שטעהט צוגעפעסטיגט צו א געוויסען פלאץ אין טייך צו בעצייכנען דעם ענד-פונקט פון א וועט-לויף פון שיפען.

stake'-dri'ver *n.* (סטייק'-דראי'-ווער) דער אמעריקאנישער רייהערשנאבעל [אזא וואלד-פויגעל, וועלכער לאזט ארויס געשרייען, וועלכע דערמאנען אן די קלאנגען ווי ביים ארייננקלאפען פלעקער].

Stake-driver

stake'-head *n.* (סטייק'-העד) איינער פון די קווער-שטעקענס, אויף וועלכע עס האלטען זיך די בעזונדערע שטריקלעך פון וועלכע מען דרעהט שטריק.

stake'-hol'der *n.* (סטייק'-האול'-דער) איינער ביי וועמען מען לעגט איין א וועט; איינער וועלכער האלט ביי זיך געלד, אויף וועלכען מעהרערע מענשען האבען פרעטענזיעס.

stake'-hook *n.* (סטייק'-הוק) א האקען אויף א פלאטפארמע-וואגאן [א וואגאן אהן א דאך און אהן ווענט] צום בעפעסטיגען די זייטען-שטאנגען [וואס דיענען אנשטאט ווענט].

stake'-i'ron *n.* (סטייק'-אי'-ערן) דער אייזען-בעשלאג אויף א שטאנג, וועלכער ווערט געברויכט אנשטאט ווענטלעך אויף א פראכט-וואגען אדער אין א פלאטפארמע-וואגאן [א וואגאן אהן א דאך און אהן ווענט].

stake'-net *n.* (סטייק'-נעט) א נעץ וואס ווערט ביים פישען אויפגעהאנגען אויף שטאנגען.

stake'-net'ter *n.* (סטייק'-נעט'-ער) א פישער וואס בענוצט זיך מיט א נעץ, וועלכע ווערט ביים פישען אויפגעהאנגען אויף שטאנגען.

stake'-pock'et *n.* (סטייק'-פאק'-עט) א פערטיעפונג אויף א פלאטפארמע-וואגאן [א וואגאן אהן א דאך און אהן ווענט], אין וועלכער עס ווערט בעפעסטיגט א שטאנג [צום פערהאלטען די פראכט].

stake'-pull'er *n.* (סטייק'-פול'-ער) א סלופעס-ציהער [א מאשין ארויסצושלעפען סלופעס פון דער ערד].

sta'ker *n.* (סטיי'-קער) א וועטער, איינער וואס וועט אדער שטעלט איין געלד.

staktom'eter *n.* (סטעק-טאמ'-ע-טער) ז. *stactometer*

stalac'tic *a.* (סטע-לעק'-טיק) סטאלאקטיטיש, עהנליך צו טראפען-שטיין. ז. *stalactite*

stalac'tical *a.* (סטע-לעק'-טי-קעל) ז. *stalactic*

stalac'tiform *a.* (סטע-לעק'-טי-פארם) עהנליך צו סטאלאקטיט אדער טראפען-שטיין. ז. *stalactite*

stalac'tite *n.* (סטע-לעק'-טאיט) סטאלאקטיט, טראפען-שטיין [א קאלך-שטיין אין הויהלען, וואס הענגט אראב פון דער סטעליע אין דער פארם פון אן איינז-ליכטעל]; אן עהנליכע אויסבילדונג פון איינינע אנדערע מינעראלען אדער פון לאווא.

Stalactite

stalac'tited *a.* (סטע-לעק'-טאי-טעד) בעדעקט מיט סטאלאקטיטען; וואס איז עהנליך אין פארם צו א סטאלאקטיט. ז. *stalactite*

stalac'tited work (סטע-לעק'-טאי-טעד הוואירק) רוסטישער בוי-סטיל אדער באסאזש. ז. *rustic work*

stalactit'ic *a.* (סטעל-עק-טיט'-איק) וואס האט סטאלאקטיטען; סטאלאקטיטענפערמיג. ז. *stalactite*

stalactit'ical *a.* (סטעל-עק-טיט'-אי-קעל) ז. *stalactitic*

stalac'titiform *a.* (סטע-לעק'-טאי-טי-פארם) ז. *stalactiform*

stalag'mite *n.* (סטע-לעג'-מאיט) סטאלאגמיט [א סטאלאקטיט וואס בילדעט זיך אויף'ן גרונט פון א הויהל, פון אונטען ארויף-צו, און גיסט זיך אפט צונויף מיט'ן סטאלאקטיט וואס בילדעט זיך פון אויבען אראב אין איין זייל]. ז. *stalactite*

stalagmit'ic *a.* (סטעל-עג-מיט'-איק) סטאלאגמיטיש, סטאלאגמיטען-עהנליך. ז. *stalagmite*

stalagmit'ical *a.* (סטעל-עג-מיט'-אי-קעל) ז. *stalagmitic*

stalagmit'ically *adv.* (סטעל-עג-מיט'-אי-קעל-אי) אזוי ווי סטאלאגמיט. ז. *stalagmite*

stalagmom'eter *n.* (סטעל-עג-מאמ'-ע-טער) ז. *stactometer*

stale *a., n. and v.* (סטייל) אלט, אבגעלעבט; אבגעבליהט; אויסגעדראשען; אבגענוצט; אלט-געבאקען; אויסגעוועפט; אבגעמאטערט פון צופיעל איבונגען [ווענען אטלעטען]; א הענטעל, א שטיעל; פערד-אורין [השתנה]; אין שאך-שפיעל — פאט [ז. *stalemate*]; מאכען אבגעלעבט, אלט, פערשימעלט, אויסגעדראשען אדער אויסגעוועפט; לאזען אורין, פישען [וועגען פיה].

stale'ly *adv.* (סטייל'-לי) אויף אן אלטען, אויסגעדראשענעם שטייגער.

stale'mate *n. and v.* (סטייל'-מייט) אין שאך-שפיעל — פאט [א לאגע, ווען דער קעניג איז ניט אונטער שאך, נאר ער איז געצוואונגען צו געהן און געשלאגען צו ווערען. אין אזא פאל איז אנגענומען, דאס עס פערשפיעלט דער וואס האט געשטעלט זיין געגנער'ס קעניג אין אזא לאגע]; א לאגע, ווען מען קען זיך קיין ריהר ניט טהאן; מאכען פאט; ברייננען אין א לאגע, אז מען זאל זיך ניט קענען א ריהר טהאן; צושפארען צו דער וואנד.

stale'ness *n.* (סטייל'-נעס) אלטקייט, אבגעלעבטקייט, אויסגעדראשענקייט; אבגענוצטקייט; אלט-געבאקענהייט; אויסגעוועפטקייט.

stalk *n. and v.* (סטאהק) אין באטאניק — דאס שטענגעל פון א גראז אדער גראז-ארטיגער פלאנצע; דאס קליינע שטיץ-שטענגעלע פון א בליהונג, מיט וועלכען זי איז בעהעפט צו דעם בלומען-שטענגעל; אין זאאלאגיע — א טייל פון אן ארגאן, וואס האט די פארם פון א שטענגעל; א דין פיסעל אדער הענטעל פון א כלי; א הויכער קוימען [ווי פון א פאבריק]; א שטאלצער גאנג; דאס צוגעהן מיט גע'גנב'עטע טריט צו א חיה אין געיעג; געהן מיט גע'גנב'עטע טריט; צו'גנב'ענען זיך צו א חיה אדער פויגעל אין געיעג; געהן שטאלץ מיט לאנגזאמע טריט.

stalk'-cut'ter *n.* (סטאהק'-קאט'-ער) אין אגריקולטור — א מאשין וואס שניידט אב די איבערגעבליבענע זאנגען-שטענגלעך פון אן אבגעשניטענעם פעלד, צוגרייטענדיג עס צום אקערען.

stalked *a.* (סטאהקט) מיט א שטיעל, מיט א שטענגעל.

stalk'er *n.* (סטאהק'-ער) איינער וואס געהט מיט שטאלץ; דער וואס פערפאלגט א חיה לאנגזאם, פארזיכטיג, בעהאלטענדיג זיך הינטער עפעס; אזא נעץ [צום כאפען פיש].

stalk'-eyed *a.* (סטאהק'-איד) מיט אויגען, וועלכע האלטען זיך אויף שטענגלעך אדער הערנדלעך [ווי ביי געוויסע קראבען].

stalk'ing *n.* (סטאהק'-אינג) דאס ארומגעהן שטאלץ; דאס פערפאלגען א פיה פארזיכטיג, מיט גע'גנב'עטע טריט.

stalk'ing-horse *n.* (סטאהק'-אינג האהרס) דאס שיס=פערד [א ווירקליכעס אדער הילצערנעס פערד, הינטער וועלכען עס בעהאלט זיך דער יעגער]; א מאסקע; א תירוץ.

stalk'less *a.* (סטאהק'-לעס) אהן א שטענגעל.

stalk'let *n.* (סטאהק'-לעט) א קליין שטענגעל פון א פלאנצע.

stalk'y *a.* (סטאהק'-אי) ווי א שטענגעל.

stall *n. and v.* (סטאהל) א שטאל [פאר פערד אדער בהמות]; אן אבטיילונג אין א שטאל פאר איין פערד אדער אקס; א ביידעל, א בודקע [פאר סחורות]; א באנק אדער טיש, וואו עס זיינען אויסגעלעגט סחורות צו פערקויפען; א בודע, שטעל [צו פערקויפען סחורה]; דער כאר=שטוהל אין א קירך [א בעזונדערע באנק וואו עס זיצען מייסטענס די גייסטליכע. ז. איל.]; איינע פון די שטוהלען אין די פאדער=רייהען פון א טעאטער; דאס ארט וואו ערץ אדער רויה=מעטאל ווערט איבערגעברענט; א געהילף פון א גנב; אריינשטעלען אין שטאל; אינסטאלירען, איינפיהרען אין אמט; אריינפאהרען אין א בלאטע אדער זומפ; פערשפארען אין א ווינקעל, צודריקען צו דער וואנד; אריינגעזעצט ווערען אין א בלאטע; ליעגען אין לאך אדער קאנורע [ווי א הונד].



Stalls

stall'age *n.* (סטאהל'-ערזש) בודען=געלד, שטעל=געצאהלט [געצאהלט פאר אן ארט ארויסצושטעלען וואארע אויף א יריד אדער מארק].

stall'-board *n.* (סטאהל'-באורד) איינס פון א סעריע בריקלעך, איינס העכער פון אנדערען, אויף וועלכע עס ווערט געווארפען די אויסגעגראבענע ערד אדער ערץ [רויה=מעטאל].

stall'er *n.* (סטאהל'-ער) ז. *stable-man*.

stall'-fed *a.* (סטאהל'-פעד) אבגעקארמעט אין א שטאל [וועגען אקסען].

stall'-feed *v.* (סטאהל'-פיעד) פיטערען, אבקארמען [אקסען] אין א שטאל.

stall'ing *n.* (סטאהל'-אינג) ז. *stabling*.

stal'lion *n.* (סטעל'-יאן) א הענגסט, אן אגער [א פערד וועלכען מען האט ניט אויסגעשניטען די אייער].

stall'man *n.* (סטאהל'-מען) א בודניק, איינער וואס האט א בודע אדער שטעל מיט סחורות אויף דער גאס.

stall'-rea'der *n.* (סטאהל'-ריע'-דער) איינער וועלכער לייענט ביכער ביי דעם געשטעל וואו זיי זיינען אויסגעלעגט צום פערקויפען.

stall togeth'er (סטאהל טו-געטה'-ער) לעבען בשלום צוזאמען.

stal'wart *a. and n.* (סטאהל'-הווארט) שטארק, מוטיג; העלדיש; א שטארקער, מוטיגער מענש; א פעסטער אנהענגער פון א פארטיי.

stal'wartly *adv.* (סטאהל'-הווארט-לי) אויף א שטארקען, מוטיגען אדער העלדישען שטייגער.

stal'wartness *n.* (סטאהל'-הווארט-נעס) שטארקייט, מוטיגקייט.

sta'men *n.* (סטיי'-מען) אין באטאניק — דאס שטויב=געפעס [דער מענליכער געשלעכטס=ארגאן פון א פלאנצע. בעשטעהט פון א שטויב=בייטעל מיט א שטויב=פאדים]; די פעסטע גרונד=לאגע פון עפעס, דאס וואס האלט אויף א זאך.

Stamens

sta'mened *a.* (סטיי'-מענד) מיט שטויב=בייטעלעך. ז. *stamen*.

stam'ina *n.* (סטעמ'-אי-נא) דער פעסטער בעשטאנדטייל פון א קערפער; דאס וואס האלט אויף דעם קערפער און גיט איהם צו פעסטקייט.
The bones are the **stamina** of animal bodies.

stam'inal *a.* (סטעמ'-אי-נעל) ז. *stamineous*.

stam'inate *a.* (סטעמ'-אי-נייט) אין באטאניק — וואס האט שטויב=בייטעלעך [די מענליכע געשלעכטס=ארגאנען פון א פלאנצע]; אויף וועמען עס וואקסען שטויב=בייטעלעך אבער ניט פיסטילען אדער ווייבליכע געשלעכטס=ארגאנען [וועגען געוויסע פלאנצען].

stamin'eous *a.* (סטע-מינ'-אי-אס) וואס איז שייך צו שטויב=בייטעלעך. ז. *stamen*.

staminif'erous *a.* (סטעמ-אי-ניפ'-ע-ראס) וואס האט אדער טראגט שטויב=בייטלעך. ז. *stamen*.

staminig'erous *a.* (סטעמ-אי-נידזש'-ע-ראס) ז. *staminiferous*.

stam'mer *v. and n.* (סטעמ'-ער) שטאמלען, זיך פעראיקען; דאס שטאמלען, דאס פעראיקען זיך.

stam'merer *n.* (סטעמ'-ער-ער) א שטאמלער, א זאאיקע, איינער וואס פעראיקעט זיך.

stam'mering *a. and n.* (סטעמ'-ער-אינג) שטאמלענד; וואס פעראיקעט זיך; שטאמלונג, דאס פעראיקען זיך.

stam'meringly *adv.* (סטעמ'-ער-אינג-לי) שטאמלענדיג; פעראיקענדיג זיך.

stamp *v. and n.* (סטעמפ) מאכען צייכענס אדער פיגורען מיט א שטעמפעל; איינשטעמפלען, איינדרוקען; צוקלעפען א פאסט=מארקע; טופען מיט די פיס; שטעמפלען, בראנדמארקען; צושמעטערען, צושטויסען, צוברעקלען; אויספרעסען, אויסדריקען [ווי מטבעות]; א שטעמפעל; א זיעגעל; א פאסט=מארקע; אן אינסטרומענט אדער מאשין צו שטעמפלען; א סמן אויף עפעס [ווי אן עטיקעט]; די כאראקטעריסטישע ארט און ווייזע פון עפעס; די ארט, דער זארט, דער מין; דאס שטעמפלען; דאס טופען מיט די פיס.

Stamp Act (סטעמפ עקט) אין דער געשיכטע פון אמעריקא פאר דער רעוואלוציאן — דאס געזעץ פון יאהר 1765, וואס איז דורכגעפיהרט געווארען אין דעם ענגלישען פארלאמענט, אז אלע אפיציעלע פאפיערען, דאקומענטען, קאנטראקטען, ווי אויך צייטונגען א. ד. ג., זאלען האבען אויף זיך בעצאהלטע שטעמפלען אדער מארקען פון דער ענגלישער רעגיערונג.

stamp'-al'bum *n.* (סטעמפ'-על'-באם) ז. *stamp-book*.

stamp'-book *n.* (סטעמפ'-בוק) אן אלבום פאר געזאמעלטע מארקעס.

stamp'-collec'ting *n.* (סטעמפ'-קא-לעק'-טינג) דאס זאמלען מארקעס.

stamp'-collec'tor *n.* (סטעמפ'-קא-לעק'-טאר) איינער וואס זאמעלט פאסט=מארקעס פון פערשיעדענע לענדער; דער וואס קאסירט איין די צאהלונגען פאר הערבאווע פאפיער [פאפיער אויף וועלכען עס ווערט געשריבען אן אפיציעלער דאקומענט און האט אויף זיך א רעגיערונגס=שטעמפעל].

stamp'-cut'ter *n.* (סטעמפ'-קאט'-ער) איינער וואס שניידט אדער גראווירט אויס שטעמפלען.

stamp'-distrib'uter *n.* (סטעמפ'-דיס-טריב'-יו-טער) א בעאמטער וואס לאזט ארויס רעגיערונגס=מארקעס.

stamp'-du'ty *n.* (סטעמפ'-דיו'-טי) די צאהלונג פאר הערבאווע פאפיער [דאס פאפיער, אויף וועלכען עס ווערען געשריבען אפיציעלע דאקומענטען און האט אויף זיך א רעגיערונגס=שטעמפעל].

stampede' *n. and v.* (סטעמ-פיעד') א פאנישער שרעק, דאס לויפען אין ווילדען שרעק; א פלוצליכע בעוועגונג, אויפרעגונג פון אן עולם מענשען; פלוצלונג דערשרעקען זיך, לויפען אין ווילדען שרעק; האנדלען אונטער דער ווירקונג פון איין אימפולס; פערטרייבען אין שרעק; ארויסרופען ביי אן עולם מענשען א פלוצליכע אויפרעגונג אדער בעוועגונג.

stamped en'velop (סטעמפט ענ'-וועל-אופ) א קאנווערט, אויף וועלכען עס איז אבגעדרוקט א מארקע.

stamped ware (סטעמפט הוועהר) לייםענע אדער פארצעלייענע כלים, וועלכע זיינען בעציערט מיט אויסגעפרעגטע אדער אבגעשטעמפעלטע אוזארען אדער מוסטערען.

stam'per *n.* (סטעמ'-פער) אן אבשטעמפלער; א צושטויסער; אן אינסטרומענט צו שטעמפלען, א שטעמפעל; א מאשין צו שטויסען.

stamp'-fee *n.* (סטעמפ'-פיע) שטעמפעל=געלד [אויף דאקומענטען].

stamp'-head *n.* (סטעמפ'-העד) דער שטאמפ=קאפ [א שטיק אייזען ביים ענד פון א שטויסעל=שטאמפ צו מאכען איהם שווערער].

stam'ping *n.* (סטעמ'-פינג) דאס שטעמפלען, דאס אויסדריקען מיט א שטעמפעל; דאס שטויסען מיט א שטאמפ.

stam'ping-ground *n.* (סטעמ'-פינג-גראונד) א פלאץ וואס ווערט אפט בעזוכט.

stam'ping-machine' *n.* (סטעמ'-פינג-מע-שין') א מאשין צו פארמירען זאכען אדער כלים פון הארטע מאטעריאלען, ווי מעטאל א. ד. ג.

stam'ping-mill *n.* (סטעמ'-פינג-מיל)

א מאשין צום צושטויסען ערץ [רויהע מעטאלען].

stam'ping-press *n.* (סטעמ'-פינג-פרעס) א מאשין וואס פרעסט אוים מעטאלענע כלים, ווי לעפעל, טעלער, שיסלען א. ז. וו.; א קליינער האנד=אינסטרומענט אויסצודריקען שטעמפלען אויף פאפיער.

stamp'-mill *n.* (סטעמפ'-מיל) א מאשין צו שטויסען ערץ [רויהע מעטאלען].

stamp'-note *n.* (סטעמפ'-נאוט) דער פאסיר=שיין [א פאפיער מיט'ן שטעמפעל פון פארט=בעאמטען, וואס ערלויבט איבערצופיהרען סחורות צו דער שיף צום טראנספארטירען].

stamp'-of'fice *n.* (סטעמפ'-אפ'-איס) א רעגיערונגס=קאנטאר, וואס לאזט ארוים שטעמפעל=פאפיער און נעהמט ארייַן שטעמפעל=אבצאהלונגען.

stamp out (סטעמפ אוט) אויסראטען, פערניכטען.

The general was ordered to **stamp out** the revolution by any and all means.

stanch *v., a. and n.* (סטענטש) פערהאלטען א בלוט=פלוס; מאכען צונויפציהען א וואונד, אז קיין בלוט זאל ניט פליסען; אויפהערען צו פליסען; פעסט אין פרינציפ, שטאנדהאפט, אייפריג איבערגעגעבען צו עפעס אדער אימעצען; טריי; שטארק, פעסט, קרעפטיג; אזא טויער אדער שלויז אין א טייך, דורך וועלכען עס ווערט פערהאלטען דאס פליסענדע וואסער און ווען עס קלייבט זיך אן אין יענעם ארט פיעל וואסער, לאזט מען דורך מיט'ן שטראם שיפען, וועלכע געהען דורך אויף אזא אופן איבער ניטטיעפע ערטער.

stan'cher *n.* (סטענ'-טשער) איינער אדער עפעס וואס פערהאלט דעם בלוט=פלוס פון א וואונד.

stan'chion *n. and v.* (סטענ'-שאן) אן אונטערשפארע, א שטיץ=באלקען, א שטיץ=זייל; אונטערשפארען עפעס דורך א שטיץ=באלקען.

stanch'less *a.* (סטענטש'-לעס) וואס קען ניט געשטילט אדער פערהאלטען ווערען [וועגען פליסענדען בלוט].

stanch'ly *adv.* (סטענטש'-לי) אויף א פעסטען, געזעצטען שטייגער.

stanch'ness *n.* (סטענטש'-נעס) טרייהייט, פעסטקייט, שטארקייט; אייפער; א טרייע איבערגעבענהייט צו עפעס אדער אימעצען.

stand *v. and n.* (סטענד) שטעהן, זיין אין א ווערטיקאלער אדער שטעהענדער לאגע; זיך אבשטעלען; האלטען זיך אויף עפעס; זיך אוועקשטעלען; זיך אויסהאלטען; אויסהאלטען, ביישטעהן, בלייבען עקזיסטירען; שטעהן פעסט, פערבלייבען זיכער; אננעהמען א שטעלונג אין א געוויסער פראגע; ווערען א קאנדידאט פאר א געוויסען אמט אדער ראנג; אנהאלטען, הארטנעקיג בעשטעהן אויף עפעס; זיך אבשטעלען, זיין אונענטשלאסען; זיין אין א בעזונדערער לאגע; זיך אוועקשטעלען אויף א געוויסען פלאץ; שטעהן אויף א בעשטימטען גראד אדער שטופע; שטעהן פאר אימעצען, זיין אימעצענס פארשטעהער אדער שטעלפערטרעטער; זיין אין איינקלאנג, איבעראיינשטימען, הארמאנירען; אבטרעטען צוריק, שטעלען זיך אן א זייט; זעגלען צו א געוויסען פונקט [וועגען א שיף]; שטעהן פעסט נעבען עפעס אדער אימעצען, האלטען זיך טריי, ניט אבטרעטען; אוועקשטעלען; אויסשטעהן, אריבערטראגען; אויסהאלטען; דורכגעהן; פאסען, זיין גינסטיג פאר עפעס אדער אימעצען; טראגען די אויסגאבען; אויסווארטען; דאס שטעהן, דאס אבשטעלען זיך; אן אבשטעל; א שטילשטאנד; א צושטאנד פון אונענטשיעדענהייט אדער אונענטשלאסענהייט; דאס ארט וואו איינער אדער עפעס שטעהט; א שטענדער; א בימה; אן אבטיילונג אין א שטאל פאר א פערד אדער אקס; א דערגרייכונגס=פונקט, א גראד, א שטופע; א בודע, א געשטעל, א טישעל מיט סחורות; א פלאטפארמע; דער צושטאנד פון וואקסען אויף די פעלדער [ווי פון גראז, קארן א. ז. וו.]; א גארניטור קליידער אדער וואפען; א קאסטיום; א פאס [ביער] אדער די מאס וויפיעל עס ענטהאלט א פאס.

stand about' (סטענד ע-באוט') ארומרינגלען, שטעהן ארום.

stand a chance (סטענד ע טשענס) 1. האבען א שאנס, אן אויסזיכט אדער געלעגענהייט; 2. ריזיקירען.

1. He **stands a chance** of being elected to office. 2. You **stand a chance** of catching cold.

stand affect'ed (סטענד ע-פעקט'-עד) האבען חשק, אין זינען האבען.

stand all demands' (סטענד אהל די-מענדז') ערפילען אלע פאדערונגען, טויגען.

The candidate will **stand all demands** upon his good nature.

stand aloof' (סטענד ע-לוהף') האלטען זיך פון דער ווייטען.

stand amazed' (סטענד ע-מייזד') זיין צוטומעלט, ערשטוינט אדער איבערראשט.

stan'dard *n., a. and v.* (סטענ'-דארד) א פאהן, א פלאג, א שטאנדארט; א בעשטימטע וואג אדער מאס וואס דיענט אלס אריגינאל אדער מוסטער פון אלע עקזיסטירענדע עהנליכע וואגען אדער מאסען [ווי למשל, דער אריגינעלער פונט, וואס געפינט זיך אין שאץ=קאמער פון דער רעגיערונג און דיענט אלס מוסטער צו וויסען דאס ריכטיגע געוויכט פון יעדען פונט]; אין מטבעות — די פראפארציע פון ריינעם מעטאל און ליגאטור, וואס ווערט בעשטימט דורך'ן געזעץ [ווי למשל, די גאלדענע מטבעות פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא ענטהאלטען אין זיך 22 קאראט ריינעם גאלד, ד. ה. זיי בעשטעהען פון 22 חלקים ריינעם גאלד און 2 חלקים ליגאטור]; א מאדעל, א מוסטער; די ריכטשנור, די רעגעל; א גראד, א ראנג [אין די ענגלישע עלעמענטאר=שולען]; א געשטעל; א שטיץ=באלקען, א שטיץ=זייל; א בוים אדער קוסט וואס שטעהט אליין אויף א פלאץ; אין באטאניק — דאס אויבערשטע בלעטעל פון א שמעטערלינג=בלום; א באקאל, א קעלישאק; וואס דיענט אלס מוסטער; מוסטערהאפט; שטעהענד, אויפגעשטעלט; וואס שטעהט אליין אויף'ן פרייען פעלד [וועגען א בוים]; מאכען פונקט לויט דער אנגעגעבענער פארם אדער מאס; מאכען לויט'ן מאדעל.

stan'dard-bear'er *n.* (סטענ'-דארד-בעהר'-ער) דער פאהנען=טרעגער; א קליין אפריקאניש פויגעלע פון דעם מין האניגזויגער מיט צוויי זעהר לאנגע פאהנעןעהנליכע פעדערען וואס שטארצען ארוים פון עק.

stan'dard book (סטענ'-דארד בוק) א בוך וואס ווערט אנגענומען אלס דאס בעסטע אין דעם פאך און אלס אנערקענטער אויטאריטעט.

stan'dard gold (סטענ'-דארד גאולד) גאלד פון דער ריכטיגער פראבע.

standardiza'tion *n.* (סטענ-דאר-די-זיי'-שאן) דאס צופאסען צו א געוויסען פעסט=בעשטימטען מוסטער, רעגעל אדער מאדעל.

stan'dardize *v.* (סטענ'-דאר-דאיז) נארמירען, מאכען פאר א מאס; צופאסען, צוגלייכען צו א פעסט=בעשטימטער מאס אדער נארמע.

stan'dardizer *n.* (סטענ'-דאר-דאי-זער) איינער וואס פאסט צו אדער גלייכט צו צו א געוויסער פעסט=בעשטימטער נארמע אדער מאס.

stan'dard meas'ure (סטענ'-דארד מעזש'-אור) די נארמאל=מאס, א פעסטבעשטימטע מאס, צו וועלכער אלע מאסען פון דעמזעלבען מין ווערען צוגעגליכען.

stan'dard of life (סטענ'-דארד אוו לאיף) די נארמע פון לעבענס=פיהרונג אדער לעבענס=בעדירפניסע.

stan'dard price (סטענ'-דארד פראיס) דער נארמאל=פרייז [פון א סחורה].

stan'dard sil'ver (סטענ'-דארד סיל'-ווער) זילבער פון דער ריכטיגער פראבע.

stan'dard stars (סטענ'-דארד סטארז) די שטערען, וועמעס לאגע און בעוועגונג איז גוט בעוואוסט און דעריבער רעכענט מען אוים די לאגע און די בעוועגונג פון אנדערע שטערען בנוגע צו דיעזע.

stan'dard text (סטענ'-דארד טעקסט) אן אנגענומענער טעקסט [ווי פון דער ביבעל], וואס מען קען זיך אויף איהם פערלאזען.

stan'dard time (סטענ'-דארד טאים) די בעשטימטע צייטרעכנונג וואס איז אנגענומען געווארען אין אלע טיילען פון א לאנד אדער געגענד [כאטש אין דער ווירקליכקייט קען זיך פאלקאם ניט שטימען די צייטרעכנונג אפילו פון צוויי נאהענטע שטעדט].

stan'dard weight (סטענ'-דארד הוויים) די נארמאל=וואג.

stand aside' (סטענד ע-סאיד') שטעלען זיך אן א זייט; אויסמיידען.

stand assured' (סטענד ע-שוהרד') זיין איבערצייגט, זיין זיכער.

stand at a stay (סטענד עט ע סטיי) ז. *stand at bay*

stand at bay (סטענד עט ביי) בלייבען שטעהן, ניט קענען ווייטער געהן, זיין ניט ענטשלאסען.

stand at is'sue (סטענד עט איש'-או) זיין אין שטרייט איבער עפעס.

stand away' (סטענד ע-הוויי') שטעלען זיך אין א זייט; זיך אבקעהרען; ניט דערביי זיין.

stand back (סטענד בעק) אבטרעטען צוריק.

stand behind' the cur'tain (סטענד בי-האינד' טהי קויר'-טען) זיך אונטערהערען.

stand between' (סטענד בי-טהוויען') שטעהן צווישען, אינמיטען; סטארען זיך צו מאכען א פשרה; שטעהן אין וועג.

stand by (סטענד באי) 1. שטעהן דאנעבען; זיין דערביי; 2. שטעלען זיך אויף אימעצענס זייט, העלפען, פערטיידיגען, אונטערשטיצען אימעצען; 3. זיך פעסט האלטען, נאכקומען [ווי א קאנטראקט, פערשפרעכען א. ז. וו.]; 4. זיין

גרייט צו טהאן עפעס, שטעהן גרייט, זיין צו דער האנד.

1. I can't stand by and simply watch the game. 2. I shall stand by my friend in his hour of need. 3. I stand by my promise.

stand'by *n.* (סטענד'-באי) אן אנהענגער, א בעגלייטער, איינער וואס שטיצט אדער העלפט; דאס וואס איז צו דער האנד, עפעס אויף וואס מען קען רעכנען.

stan'der *n.* (סטענ'-דער) דער שטעהענדער, איינער אדער עפעס וואס שטעהט; איינער וואס שטעהט אויף דער וואך [ביי גנבים].

stan'der-by' *n.* (סטענ'-דער-באי') א צושויער, איינער וואס שטעהט דערביי.

stand fair for (סטענד פעהר פאר) האבען גוטע אויסזיכטען אויף עפעס.

stand fire (סטענד פאיר) אויסהאלטען א הארמאטען-שיסעריי; אויסהאלטען אן אטאקע.

stand first (סטענד פוירסט) שטעהן אויבענאן, זיין דער ערשטער.

stand for (סטענד פאר) 1. שטרעבען צו עפעס; 2. זיין אויף אימעצענס צד, פערטיידיגען; 3. פערנעהמען יענעמס פלאץ; 4. בעדייטען; 5. בעוועגען זיך [אין א געוויסער ריכטונג].

1. Our party stands for progress. 2. I stand for my race.

stand from (סטענד פראם) ארויסטרעטען פון א געוויסען פונקט [ווענען א שיף].

stand from un'der (סטענד פראם אנ'-דער) אונטערשטעלען זיך, ניט לאזען עפעס אראבפאלען; זיך ארויסדרעהען פון אן אונאנגענעהמער לאגע.

stand ga'ping (סטענד גיי'-פינג) אנשטעלען מויל און אויערען, שטעהן פערגאפט.

stand good (סטענד גוד) זיין זיכער, גוט זיין, גילטען.

His word stands good to me for any amount.

stand high (סטענד האי) זיין/אנגעזעהן; אין דרוקעריי — זיין העכער ווי געוועהנליך [ווענען אנגעזעצטער דרוקשריפט אדער גראווירונג].

stand in (סטענד אין) 1. קאסטען; 2. זיין פערבונדען מיט אימעצען, מאכען יד-אחת; 3. זיך ריכטען צו א געוויסען פונקט [ווענען א שיף].

2. The policeman was found to stand in with the burglars.

stand in anoth'er's shoes (סטענד אין ענ-אטה'-ערז שוהז) זיין אין יענעמס לאגע.

stand in cure (סטענד אין קיור) זיין קורירבאר [ווענען א קראנקהייט].

stand in defence' (סטענד אין די-פענס') פערטיידיגען, אונטערשטיצען [א מענשען אדער זאך].

Who will stand in defence of a despised cause?

stand in doubt of (סטענד אין דאוט אוו) צווייפלען אין עפעס.

stand in fear of (סטענד אין פיער אוו) שרעקען זיך פאר עפעס.

stan'ding *n. and a.* (סטענ'-דינג) דאס שטעהן, דער שטאנד; דער דויער פון עפעס; א שטעלע, א פאזיציאן; א ראנג, א שטופע, א העכערע מדרגה; שטעהענד, אין א שטעהענדער לאגע, פערפענדיקולאר; אונבעוועגליך [ווענען וואסער], וואס ריהרט זיך ניט, איינגעזעצט, שטענדיג, דויערענד.

stan'ding ar'my (סטענ'-דינג אר'-מי) די שטענדיגע ארמעע [די ארמעע וואס די רעגיערונג האלט אויף די גאנצע צייט אין לאנד אין דער צייט פון שלום].

stan'ding commit'tee (סטענ'-דינג קא-מיט'-אי) א שטענדיגע קאמיטע אין א געזעצגעבערישער קערפערשאפט אדער אין א פעראיין, וועלכע פיהרט אויס א ספעציעלען טייל פון דער ארבייט.

stan'ding corn (סטענ'-דינג קאהרן) ניט געשניטענער קארן, קארן אין פעלד.

stan'ding-ground *n.* (סטענ'-דינג-גראונד) דער באדען אונטער די פיס; דער טהעטיגקייטס-געביעט; דער גרונד-פרינציפ; דער שטאנדפונקט.

stan'ding jib (סטענ'-דינג דזשיב) דער גרויסער קליוווער [איינע פון די זעגלען אויף א שיף].

stan'ding jump (סטענ'-דינג דזשאמפ) א שפרונג גלייך פון ארט [ניט פאנאנדערזאגענדיג זיך פריהער].

stan'ding or'ders (סטענ'-דינג אהר'-דערז) די תקנות און רעגלאמענטען, וואס ווערען אויסגעארבייט פון א געזעצגעבערישער קערפערשאפט [ווי א פארלאמענט] צו איהרע זיצונגען און געשעפטספיהרונג.

stan'ding-point *n.* (סטענ'-דינג-פאינט) א שטאנדפונקט.

stan'ding-room *n.* (סטענ'-דינג-רוהם) שטעה-פלאץ, פלאץ וואס איז גענוג נור צום שטעהן [ווי אין א טעאטער].

stand in hope (סטענד אין האופ) האפען.

stand in loss (סטענד אין לאהס) זיין אין געפאהר צו פערלירען עפעס.

stand in one's own defence' (סטענד אין הוואנז און די-פענס') זיך אליין פערטיידיגען.

stand in one's own light (סטענד אין הוואנז און לאיט) זיך אליין שטעהן אין וועג, שטערען זיך אליין.

stand in request' (סטענד אין רי-קהוועסט') זיין אין נאכפראגע, ווערען שטארק פערלאנגט [ווענען א סחורה, אן ארטיקעל].

stand in stead (סטענד אין סטעד) דיענען אנשטאט, פערנעהמען דעם פלאץ; בעהילפיג זיין, ניצליך זיין.

stand in the gap (סטענד אין טהי געפ) אויסשטעלען זיך צו פערטיידיגען עפעס; מאכען זיך גרייט צו נעגענשטעהן א געפאהר.

stand in the gate (סטענד אין טהי גייט) שטעלען זיך אין א גינסטיגער לאגע; שטעלען זיך אין א פערטיידיגונגס-פאזיציאן.

stand in the way (סטענד אין טהי הוויי) שטעהן אין וועג, שטערען.

stan'dish *n.* (סטענ'-דיש) א טינטער; א שרייב-געצייג.

stand low (סטענד לאו) אין דרוקעריי — זיין קירצער איידער די געפאדערטע הויך [ווענען אנגעזעצטער דרוקשריפט].

stand neu'ter (סטענד ניו'-טער) זיין נייטראל.

stand of arms (סטענד אוו ארמז) די אמוניציע [די ביקס, מונדיר, פאטראנען און אלע סאלדאטסקע מכשירים צוזאמענגענומען].

stand of col'ors (סטענד אוו קאל'-ארז) די פאהן.

stand off (סטענד אף); 1. אויסווייכען פון דערווייטענס שטעהן, זיך האלטען פון דערווייטענס; אבטרעטען, ניט דערנעהנטערען זיך; 2. אבשטעהן [פון א זאך], זיך אבזאגען, ניט וועלען; ארויסטרעטען בולט.

1. Bad business compelled him to stand off his creditors.

stand'-off *n. and a.* (סטענד'-אף) א צוריקהאלטונג, א געגענווירקונג; צוריקהאלטענד, אבשטויסענד, געגענווירקענד.

stand off and on (סטענד אף ענד אן) כסדר דערווייטערען זיך פון ברעג און דערנעהנטערען זיך צוריק [ווענען א שיף].

stand off from (סטענד אף פראם) זיך דערווייטערען פון ברעג אדער ארט [ווענען א שיף].

The ship stood off from the shore.

stand'-off'ish *a.* (סטענד'-אף'-איש) צוריקהאלטענד, אבשטויסענד, געגענווירקענד.

stand'-off'ishness *n.* (סטענד'-אף'-איש-נעס) דאס דערווייטערען, דאס האלטען אימעצען אדער עפעס פון דערווייטענס; ניט-צוגעלאזענקייט.

stand on (סטענד אן) *stand upon* .ז

stand on com'pliment (סטענד אן קאמ'-פלי-מענט) האלטען זיך מיט צערעמאניע.

stand one's ground (סטענד הוואנז גראונד) שטעהן פעסט, ניט אונטערגעבען זיך.

stand on scru'ple (סטענד אן סקרו'-פל) האלטען זיך צופיעל מיט צערעמאניע; זיין צופיעל פארמאליסטיש, צו שטארק מקפיד זיין.

stand out (סטענד אוט) ארויסטרעטען בולט, ארויסשטארטשען; אויסשטעהן, אויסהאלטען ביז'ן סוף; ניט אונטערגעבען זיך; בלייבען פעסט; בעשטעהן אויף עפעס.

stand out of sight! (סטענד אוט אוו סאיט) אוועק פון די אויגען!

stand out of the way (סטענד אוט אוו טהי הוויי) שטעהן אין א זייט; זיך האלטען אין א זייט, זיך דערווייטערען פון עפעס.

stand o'ver (סטענד או'-ווער) בלייבען אבגעלעגט.

stand pad (סטענד פעד) שטעהן ביי דער זייט פון וועג און בעטען נדבות.

stand pat (סטענד פעט) שטרענג האלטען זיך אן די עקזיסטירענדע פרינציפען און מעטאדען פון א פאליטישער פארטיי; ניט דערלאזען קיינע אומענדערונגען און רעפארמען.

stand'-pat'ter *n.* (סטענד'-פעט'-ער) א קאנסערוואטאר, איינער וואס דערלאזט ניט קיינע אומענדערונגען און רעפארמען אין דער פאליטיק פון לאנד אדער פון א פארטיי.

stand'-pat'tism *n.* (סטענד'-פעט'-איזם) קאנסערוואטיזם אין פאליטיק, דאס ניט דערלאזען קיינע רעפארמען אין דער פאליטיק פון לאנד אדער פון א פארטיי.

stand'-pipe *n.* (סטענד'-פאיפ) א ווערטיקאלער רעהר אין א ברונען אדער רעזערוואואר, וואו דאס וואסער ווערט געטריעבען ארויף דורך מעכאנישען דרוק; א וואסער-טהורם.

stand'point *n.* (סטענד'-פאינט) א שטאנדפונקט [דער פונקט אדער די זייט, פון וועלכער עס ווערט בעטראכט א געגענשטאנד אדער א פראגע].

stand'-rest *n.* (סטענד'-רעסט) א הויכער שטוהל, ביי וועלכען דער זיץ איז משופע'דיג אנגעבויגען, אזוי, אז דער זי-

צענדער געפינט זיך כמעט אין א שטע-
הענדער לאגע.

stand shil'ly-shal'ly (סטענד שיל-אי-שעל'-אי) זיך וואקלען, זיין ניט ענט-שלאסען.

stand shot (סטענד שאט) צאהלען די קאסטען, טראגען די אויסגאבען.

stand still (סטענד סטיל) בלייבען שטעהן, ניט געהן.

The clock stands still.

stand'still *n.* and *a.* (סטענד'-סטיל) א שטילשטאנד; אן אבהאלט; א פויזע; שטיל-שטעהענד, אבגעשטעלט.

stand the loss (סטענד טהי לאהס) לייי-דען דעם היזק, נעהמען אויף זיך דעם היזק.

stand the rack'et (סטענד טהי רעק'-עט) אויסהאלטען; אנהאלטען ניט קו-קענדיג אויף קיין זאך.

stand the test (סטענד טהי טעסט) אויסהאלטען די פראבע.

stand to (סטענד טו) זיך א נעהם טהאן מיט חשק צו עפעס; ביישטעהן, אונטער-שטיצען, העלפען; בעשטעהן, ניט נאכ-געבען, פעסטשטעהן פאר עפעס; אויס-שטעהן עפעס, אויסווארטען; זיך האלטען פעסט אן עפעס.

stand togeth'er (סטענד טו-געטה'-ער) שטעהן צוזאמען, זיין נעבענאנאנד; זיין איינפערשטאנען מיט אימעצען.

stand to it (סטענד טו איט) האלטען זיך ביי דאס זייניגע; זיך פעסטהאלטען [אין א מיינונג]; אויסהאלטען.

stand to rea'son (סטענד טו ריזען) זיין לאגיש, זיך לאזען הערען, זיך לעגען אויף'ן שכל.

It stands to reason that a business can not be carried on indefinitely at a loss.

stand to sea (סטענד טו סיא) זיך דער-ווייטערען פון ברעג, לאזען זיך אין ים אריין [וועגען א שיף].

stand to the loss (סטענד טו טהי לאהס) גאראנטירען פאר'ן היזק, טראגען דעם היזק.

stand treat (סטענד טריעט) טראקטי-רען, פונדעווען, מכבד זיין, צאהלען פאר א צווייטענס אונטערהאלטונג.

Let me stand the treat.

stand tri'al (סטענד טראי'-על) שטעהן פאר'ן ריכטער; אויסהאלטען די פראבע.

stand un'der (סטענד אנ'-דער) טרא-גען אויף זיך די לאסט פון עפעס.

The store stands under very heavy overhead charges.

stand'-up *a.* (סטענד'-אפ) שטעהענדיג, אויפגעשטעלט.

stand up (סטענד אפ) אויפהויבען זיך [פון שטוהל], שטעלען זיך.

stand up against' (סטענד אפ ע-גענסט') בעקעמפפען עפעס, רעוואלטירען; נעבען א ווידערשטאנד.

stand'-up fight (סטענד'-אפ פאיט) אין באקסער-קאמפף — אן אויפריכטיגער וועט-קאמפף [ווען ביידע קעמפפער פער-האלטען זיך עהרליך, אהן פאלשקייטען און שפיצלעך איינער צום אנדערען].

stand up for (סטענד אפ פאר) פערטיי-דיגען עפעס; שטעהן פאר עפעס.

stand upon' (סטענד א-פאן') פערלא-זען זיך אויף עפעס; טרויען; ווענדען זיך אן עפעס, זיין אבהענגיג פון עפעס; הא-בען א שייכות צו עפעס; נוגע זיין אדער בעלאנגען צו אימעצען; זיך סומך זיין [ווי אויף אן אויטאריטעט]; מאכען א גרויסען ווערט פון עפעס, זיך גדל'ענען מיט עפעס.

stand upon' a tri'fle (סטענד א-פאן' ע טראיפל) זיך רייסען איבער א קלייניג-קייט.

stand upon' points (סטענד א-פאן' פאינטס) זיין צו פינקטליך, צו שטארק מדקדק זיין.

stand up to (סטענד אפ טו) זיך שטע-לען אנטקעגען.

stand up with (סטענד אפ הוויטה) 1. שטעלען זיך טאנצען מיט איינעם; 2. זיין אן אונטערפיהרער אויף איינעמס חתונה.

2. I stood up with him at his wedding.

stand with (סטענד הוויטה) שטעלען זיך אויף אימעצענס זייט; איבעראיינשטי-מען מיט עפעס, זיין אין הארמאניע, ענט-שפרעכען.

stand within' (סטענד הוויטה-אין') שטעהן אינוועניג.

stand without' (סטענד הוויטה-אוט') שטעהן דרויסען.

stang *n.* and *v.* (סטענג) א האלץ-שטאנג; א מעסט-שטאק צו מעסטען לאנד; מאכען אימעצען רייטען אויף א שטאנג; איינ-שטעכען; שטעכען [ווי מיט א נאדעל], שמערצליך שטעכען; פעראורזאכען א שארפען, פלעצליכען שמערץ, פעראורזא-כען א שטעכענדען שמערץ.

stan'hope *n.* (סטענ'-האופ) א לייכטער אפענער איין-זיציגער וואגען מייסטענס אויף צוויי רעדער.

stan'iel *n.* (סטענ'-יעל) דער טורמפאלק [אזא פויגעל].

stan'nary *n.* and *a.* (סטענ'-ע-רי) א ציין-מינע, א ציין-גרוב; א געגענד וואו עס זיינען פאראן ציין-גרובען; וואס איז שייך צו ציין, צו ציין-גרובען אדער צו דער ציין-אינדוסטריע.

stan'nary court (סטענ'-ע-רי קאורט) א רעגירונגס-אנשטאלט אמאל אין ענג-לאנד, וואס אין איהר רשות זיינען גע-שטאנען אלע ציין-גרובען און די ציין-אינ-דוסטריע.

stan'nel *n.* (סטענ'-על) ז. *staniel*

stan'nery *n.* and *a.* (סטענ'-ער-אי) ז. *stannary*

stan'nic *a.* (סטענ'-איק) וואס איז שייך צו ציין, וואס בעשטעהט פון ציין, וואס ווערט גענומען פון ציין.

stan'nic ac'id (סטענ'-איק עס'-איד) ציין-זויערע [א כעמישע פערבינדונג פון ציין מיט זויער-שטאף און וואסער-שטאף].

stannif'erous *a.* (סטע-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט ציין, וואס גיט ארויס ציין.

stan'nine *n.* (סטענ'-אין) ציין-קיעז [אזא ברעקעלדיגער, שטאהל-גרויער, גע-מישטער ערץ וואס בעשטעהט פון ציין, קופער און אייזען].

stan'nite *n.* (סטענ'-איט) ז. *stannine*

stan'notype *n.* (סטענ'-א-טאיפ) אין פאטאגראפיע — א בילד וואס איז ארונ-טערגענומען אויף א צינענער פלאטע.

stan'nous *a.* (סטענ'-אס) פון ציין, וואס האט אין זיך ציין.

stan'num *n.* (סטענ'-אם) ציין.

stan'nyel *n.* (סטענ'-יעל) ז. *staniel*

stan'za *n.* (סטענ'-זא) אן אבטיילונג אין א געביידע; א צימער, א קאמער; א סטאנזע אדער סטראפע פון א געדיכט [א רייהע שורות פון א געדיכט אויסגע-שטעלט אין א געוויסער ארדנונג לויט זייער לענג, ריטם אדער מעטער].

stanza'ic *a.* (סטענ-זיי'-איק) וואס בע-שטעהט פון סטאנזען אדער סטראפען [וועגען א געדיכט]. ז. *stanza*

sta'pes *n.* (סטיי'-פיז) — אין אנאטאמיע — דער אינערליכסטער פון די דריי ביינדע-לעך אין דער פויק-הויט פון אויער.

staph'yline *a.* (סטעפ'-אי-לין) טרוי-בען-פערמיג, ווי א בינטעל טרויבען.

staphyli'tis *n.* (סטעפ-אי-לאי'-טיס) אן ענטצינדונג פון דעם צינגעלע אין שלונד.

staph'ylotome *n.* (סטעפ'-אי-לא-טאם) אין כירורגיע — א מעסער צו שניידען דאס צינגעלע פון שלונד.

staphylot'omy *n.* (סטעפ-אי-לאט'-א-מי) אין כירורגיע — דאס אבשניידען דאס צינגעלע פון שלונד.

sta'ple *n.*, *a.* and *v.* (סטייפל) א הויפט-פראדוקט, א הויפט-סחורה, א הויפט-האנדעלס-ארטיקעל; א הויפט פראדוק-ציאנס-צווייג [פון א לאנד אדער פון א שטאדט]; א הויפט-פונקט; א הויפט-עלעמענט; א הויפט-זאך; א הויפט-ארט; א מארק-שטאדט; א יאריד, א מארק; רויה-מאטעריאל; די פעדים אדער פאזע-רען פון וואל אדער בוימוואל לויט וועל-כע מען בעשטימט די גוטסקייט פון דער סחורה; א קאמערציעלער מאנאפאל, וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען דורך דער קעניגליכער מאכט צו סוחרים; א קלאמער, האקען אדער קרוק מיט צוויי שפיצען; דער אויסשניט אין וועלכען עס קומט אריין דאס צינגעל פון א שלאס ביים פערשליסען; איינגעשטעלט, בעשטימט, הויפט; וואס עס ווערט בעשטענדיג פרא-דוצירט און פערקויפט; וואס איז א הויפט-סחורה; קאמערציעל איינגעפונדע-וועט; וואס קען פערקויפט ווערען אויף'ן מארק; זארטירען נאך דער לענג פון די פעדים אדער פאזערען [ווי וואל אדער בוימוואל].

sta'ple-house *n.* (סטיי'פל-האוס) א הויפט-סקלאד, א הויפט-לאגער [פון סחורות].

sta'ple of land (סטייפל אוו לענד) די אייגענטימליכע אייגענשאפטען פון לאנד.

sta'ple priv'ilege (סטייפל פריוו'-אי-לעדזש) ז. *staple-right*

sta'pler *n.* (סטיי'-פלער) א וואל-זארטי-רער; א סוחר, וואס האט געהאט א חלק אין א קאמערציעלען מאנאפאל וואס פלעגט אמאל געגעבען ווערען דורך דער קעניגליכער מאכט צו א פעראיין פון סוחרים.

sta'ple-right *n.* (סטיי'פל-ראיט) דאס רעכט פון די מוניציפאליטעטען [שטאדט-פערוואלטונגען] אין האלאנד און שפע-טער אין דעם שטאאט ניו יארק [אמעריקא] צו צווינגען די דורכגעהענדע שי-פען, אז זיי זאלען זיך אבשטעלען און פערקויפען זייערע סחורות אויף די מערק פון שטאדט אדער זיי זאלען צאהלען א געוויסען אבצאהל.

sta'ple town (סטייפל טאון) א גרויסע האנדעלס-שטאדט.

star *n.* and *v.* (סטאר) א שטערן; עטוואס וואס איז עהנליך צו א שטערן; א ווייסער פלעק אויף דעם שטערן פון א חיה אדער בהמה; א שטערן-פיש; א שטערן-צייכען [אין דרוק אדער שריפט *]; א מענש מיט גלענצענדע פע-היגקייטען אדער אייגענשאפטען; א בע-ריהמטהייט; דער הויפט-אקטיאר אדער די הויפט-אקטריסע אין א טעאטער אדער אפערא; א שטר [א וועקסעל, א האנ-דעלס-דאקומענט, א פערקויפס-פאפיער א.ד..ג. אמאל ביי אידען]; בעצייהען אדער בעזעצען מיט שטערן; בעצייכענען מיט

א שטערענדעל [אין דרוק אדער שריפט]; בעציערען מיט שטערן; פערוואנדלען אין א שטערן; שיינען אדער גלענצען ווי א שטערן; זיין פראמינענט, אריבערשיינען אלע אנדערע, פיגורירען אלס דער גלענצענדסטער אקטיאר אין טעאטער, שפּיעלען די ראָלע פון פראמינענטעסטען אקטיאר.

star a glaze (סטאר ע גלייז) ארויס־שניידען א שויב פון א פענסטער [אין גנבים־שפּראך].

star'-an'imal *n.* (סטאר'-ענ'-אי-מעל) א שטראהל־פיש, א שטערן־פיש.

star'-an'ise *n.* (סטאר'-ענ'-איס) דער שטערנ־אניס [אן אראמאטישע כינעזישע פרוכט וואס וואקסט אויף א קליינעם בוימעל. ווען די פרוכט ווערט דורכגעשניטען פאר קווער אין מיטען, ערשיינט איהר זוימען־קאפּסעל אין דער פארם פון אן אכט־עקיגען שטערן].

Star-apple

star'-ap'ple *n.* (סטאר'-עפּ'ל) דער שטערן־עפּעל [אזא אנגענעהמע עסבארע פרוכט אין וועסט־אינדיען, וואס ווען זי ווערט דורכגעשניטען פאר קווער אין מיטען ערשיינט איהר זוימען־קאפּסעל אין דער פארם פון א שטערן].

star'beam *n.* (סטאר'-ביעם) א שטראהל פון א שטערן.

star'-blas'ting *n.* (סטאר'-בלעס'-טינג) די שעדליכע ווירקונג פון די שטערן.

star'blind *a.* (סטאר'-בלאינד) וואס זעהט שלעכט, האלב בלינד.

star'board *n., a., adv. and v.* (סטאר'-באורד) די רעכטע זייט פון א שיף [פון שטייער]; וואס איז אויף דער רעכטער זייט פון א שיף; רעכטס, אויף דער רעכטער זייט פון א שיף; אוועקשטעלען אדער אוימקירעווען צו דער רעכטער זייט פון דער שיף.

star'bright *a.* (סטאר'-בראיט) בריליאנט, גלענצענד ווי א שטערן.

star'-buz'zard *n.* (סטאר'-באז'-ארד) דער שטערן־בוסארד [אזא אמעריקאנער פאלק־עהנליכער פויגעל].

starch *n., a. and v.* (סטארטש) קראכמאל, שטערקעל; שטייפקייט, אנגעצויגענקייט, געצוואונגענקייט, אנגעבלאזענקייט; שטייף, פעדאנטיש, פינקטליך; קראכמאלען, שטייף מאכען דורך קראכמאל.

Star'-cham'ber *n.* (סטאר'-טשיימ'-בער) די שטערן־קאמער [א געהיימעס קרימינאל־געריכט אמאל אין וועסטמינסטער אין לאנדאן, ענגלאנד].

star'-cham'ber *n.* (סטאר'-טשיימ'-בער) א געהיימעס געריכט.

starched *a.* (סטארטשט) געקראכמאלט; שטייף [ווי אנגעקראכמאלט]; פעדאנטיש, געצוואונגען, אנגעבלאזען.

starch'edly *adv.* (סטארטש'-עד-לי) שטייף [ווי געקראכמאלט].

starch'edness *n.* (סטארטש'-עד-נעס) שטייפקייט; געצוואונגענקייט, אנגעצויגענקייט; פעדאנטעריע.

starch'er *n.* (סטארטש'-ער) איינער וואס קראכמאלט.

starch'iness *n.* (סטארטש'-אי-נעס) קראכמאלדיגקייט.

starch'ly *adv.* (סטארטש'-לי) שטייף; געצוואונגען; פארמעל, פארמאליסטיש.

starch'ness *n.* (סטארטש'-נעס) שטייפקייט, געצוואונגענקייט, אנגעצויגענקייט; פארמעלקייט, פעדאנטיזם.

starch'-sug'ar *n.* (סטארטש'-שוג'-אר) קראכמאל־צוקער.

starch'y *a.* (סטארטש'-אי) אנגעקראכמאלט, שטייף; קראכמאלדיג; פארמעל, פעדאנטיש, געצוואונגען, אנגעצויגען, אנגעבלאזען.

star'-clus'ter *n.* (סטאר'-קלאס'-טער) א שטערן־גרופּע.

star'-crossed *a.* (סטאר'-קראהסט) שלים־מזל'דיג.

star'-di'amond *n.* (סטאר'-דאי'-ע-מאנד) א דימענט וואס שטעלט מיט זיך פאר א קליינע גרופּע פון שטערן.

stare *v. and n.* (סטעהר) אויסשטעלען גרויסע אויגען [ווי פון ערשטוינונג, שרעק אדער פערוואונדערונג], קוקען פערגאפט, אויסגלאצען די אויגען; שטעהן דיבאם, שטעהן קאפּויער [וועגען די האר]; זיך ווארפען אין די אויגען [ווי עטוואס אונגעוועהנליכעס]; שטרענג אנקוקען, אויסשטעלען אויף אימעצען די אויגען; ווערקען מיט א שטרענגען קוק; דאס אויסשטעלען די אויגען; א שטרענגער קוק מיט אויסגעשטעלטע אויגען; דער שטאר [אזא פויגעל. ז. *starling*].

stare in the face (סטעהר אין טהי פייס) 1. שטעהן פאר די אויגען; 2. זיך ווארפען אין די אויגען.

1. Death stares him in the face.

stare one out of his wits (סטעהר וואן אוט אוו היז ווויטס) צומישען אדער צוטומלען אימעצען דורך אויסשטעלען אויף איהם די אויגען.

star'er *n.* (סטעהר'-ער) איינער וואס קוקט מיט אויסגעשטארצטע אויגען, איינער וואס קוקט פערגאפט אדער מיט ערשטוינונג.

star'fish *n.* (סטאר'-פיש) דער שטערן־פיש, דער ים־שטערן [אזא ים־בעשעפּעניש וואס האט דעם אויסזעהן פון א שטערן].

Starfish

star'-flow'er *n.* (סטאר'-פלאו'-ער) די שטערן־בלום [אזא פלאנצע אויף וועלכער עס וואקסען שטערנפערמיגע בלומען].

star'-gaze *v.* (סטאר'-גייז) קוקען אויף די שטערן, מאכען אסטראנאמישע אדער אסטראלאגישע אונטערזוכונגען.

star'-ga'zer *n.* (סטאר'-גיי'-זער) א שטערן־זעהער, אן אסטראלאג; אזא פיש וואס זיינע אויגען זיינען ניט פון די זייטען פון קאפּ נאר פון אויבען [ווי זיי וואלטען קוקען צו די שטערן].

star'-ga'zing *n. and a.* (סטאר'-גיי'-זינג) שטערנזעהעריי, אסטראלאגיע, אסטראנאמיע; וואס קוקט אויף די שטערן, שטודירענדיג די שטערן.

star'-grass *n.* (סטאר'-גרעס) דאס שטערן־גראז [אזא גראז־עהנליכע פלאנצע מיט שטערנפערמיגע בלומען].

star'-hy'acinth *n.* (סטאר'-האי'-ע-סינטה) דער שטערן־היאצינט [אזא גארטען־בלום מיט אינדיגא־בלויע בלומען־בלעטליך].

star'ing *a.* (סטעהר'-אינג) אויסשטעלענדיג אדער אויסגלאצענדיג די אויגען; אויסגעגלאצט; וואס ווארפט זיך אין די אויגען, וואס שטעכט די אויגען; וואס איז שטארק אויפפאלענד; שטעלענדיג זיך דיבאם אדער קאפּויער [ווי האר].

star'ingly *adv.* (סטעהר'-אינג-לי) מיט אויסגעשטעלטע אויגען, מיט א פערגאפטען בליק.

stark *a., adv. and v.* (סטארק) שטארק, קרעפטיג; שטייף אדער שטאר [ווי טויט]; נאקעט; איינגעפשארט, איינגעעקשנ'ט; אינגאנצען, דורך און דורך, גאר, גענצליך, פאלשטענדיג; שטייף אדער שטאר מאכען [ווי טויט].

stark blind (סטארק בלאינד) שטאק בלינד, בלינד ווי די נאכט.

star'ken *v.* (סטארקן) מאכען אונבויגזאם, שטייף מאכען.

stark fool (סטארק פוהל) אן אבגעריסענער נאר, א גרויסער טפּש.

stark'ly *adv.* (סטארק'-לי) שטייף; פעסט, שטארק.

stark'-na'ked *a.* (סטארק'-ניי'-קעד) מוטער־נאקעט, פאלשטענדיג נאקעט.

stark'ness *n.* (סטארק'-נעס) שטייפקייט, פערשטארטקייט; קרעפטיגקייט, שטארקייט.

star'less *a.* (סטאר'-לעס) שטערנלאז, אהן שטערן.

star'let *n.* (סטאר'-לעט) א קליין שטערנדעל.

star'light *n. and a.* (סטאר'-לאיט) דאס ליכט פון די שטערן; א שוואכעס אדער דונקעלעס ליכט; בעלויכטען פון די שטערן.

star'like *a.* (סטאר'-לאיק) עהנליך צו א שטערן, ווי א שטערן; שטראהלענד, גלענצענד.

star'ling *n.* (סטאר'-לינג) דער שטאר [אזא שפּערלינג־עהנליכער פויגעל. ז. איל.]; אזא הויז־טויב וואס איז עהנליך צו א שטאר; אזא אבצאמונג ביי אדער אין א וואסער פון גדיכט־אריינגעשלאגענע פאליעס [קלעצער], ווען מען דארף דארט עטוואס בויען; איינע פון די פאליעס וואס ווערט געברויכט פאר אזא אבצאמונג.



Starling

star'lit *a.* (סטאר'-ליט) בעלויכטעט פון די שטערן.

star'-liz'ard *n.* (סטאר'-ליז'-ארד) א שטערן-עקדעש [אזא עקדעש אדער יאשטשערקע וועלכע איז בעדעקט מיט שטערן-עהנליכע פלעקען].

star'-of-Beth'lehem *n.* (סטאר'-אוו-בעטה'-לי-עם) אזא פלאנצע מיט ווייסע שטערן-עהנליכע בלומען.

star of the day (סטאר אוו טהי דיי) דער העלד פון טאג.

star'ost *n.* (סטער'-אסט) א סטאראסטע [דער הויפט פון א רוסישען דארף וואס ווערט געוועהלט פון דער ארטיגער בעפעלקערונג]; א וויכטיגער פוילישער פריץ אמאל אין פוילישען קעניגרייך וואס האט געקראגען א קרוין-גוט פון דער קעניגליכער רעגיערונג און איז דערפאר געווען פערפליכטעט צו צאהלען א פיערטעל פון דער איינגאהמע אויסצוהאלטען די קעניגליכע ארמעע.

star'osty *n.* (סטער'-אס-טי) א קרוין-גוט פון א פוילישען פריץ אמאל אין פוילישען קעניגרייך. ז. *starost*.

star'-proof *a.* (סטאר'-פרוהף) אוגדורכדרינגליך פאר שטערן-ליכט, וואס לאזט ניט דורך קיין שטערן-ליכט.

starred *a.* (סטארד) פערציערט מיט שטערן; אונטער דעם מזל [א גוטען אדער שלעכטען] פון א שטערן; צובראכען אדער צופלאצט אזוי, דאס שטראהלען געהען ארויס פון א צענטראל-פונקט [ווי א צובראכענע שויב אדער שפיעגעל]; בעצייכענט מיט א שטערנדעל [אין דרוק אדער שריפט].

star'riness *n.* (סטאר'-אי-נעס) דאס זיין שטערנדיג.

star'ry *a.* (סטאר'-אי) בעזייהט אדער בעציערט מיט שטערן; שטערנדיג; שטראהלענד, שיינענד; וואס שיינט ווי א שטערן.

stars and bars (סטארז ענד בארז) די פאהן פון די קאנפעדערירטע שטאאטען [די זיד-שטאאטען, וועלכע האבען זיך געהאט אבגעריסען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא. די פאהן איז בעשטאנען פון צוויי ברייטע רויטע שטרייפען, אבגעטיילט דורך א ווייסען שטרייף, און פון א צאהל שטערען, וואס איז געווען גלייך צו דער צאהל שטאאטען, וועלכע האבען צוזאמענגעשטעלט די קאנפעדעראציאן].

stars and stripes (סטארז ענד סטראיפס) די נאציאנאלע פאהן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [וועלכע איז בעדעקט מיט שטרייפען און שטערען. די שטרייפען, 13 אין צאהל, בעדייטען די 13 קאלאניעס, וועלכע האבען צוערשט געבילדעט די פעראייניגטע שטאאטען; די שטערן, איצט 49 אין צאהל, בעדייטען די איצטיגע שטאאטען, וועלכע בילדען די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]

star'-shaped *a.* (סטאר'-שייפט) שטערנפערמיג.

star'-span'gled *a.* (סטאר'-ספענ'גלד) בעזייהט מיט שטערן.

star'-span'gled ban'ner (סטאר'-ספענ'גלד בענ'-ער) די נאציאנאלע פאהן פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [וועלכע איז בעזייהט מיט שטערן].

star'-spot'ted *a.* (סטאר'-ספאט'-עד) בעשפרענקעלט מיט שטערן.

star'-stone *n.* (סטאר'-סטאון) דער שטערן-זאפיר [אזא עדעלשטיין].

start *v.* and *n.* (סטארט) אנפאנגען, אנהויבען; זיך א נעהם טהאן; זיך א ריהר טהאן; זיך א טרייסעל טהאן; זיך אנפאנגען שאקלען, לויז ווערען; זיך א לאז טהאן, זיך א כאפ טהאן, זיך א ווארף טהאן; זיך לאזען אין וועג; אויפשפרינגען, א שפרונג טהאן; ענטשטעהן, בעוויזען זיך; מאכען אן אנפאנג, זעצען אין בעוועגונג, לאזען אין גאנג; אויסריכטען [אין וועג]; אויסשטאטען, אויספערטיגען; לויז מאכען, פאנאנדערשאקלען; לאזען לויפען א פליסיגקייט פון איין כלי אין א צווייטער, איבערגיסען פון איין פאס אין אן אנדערען; א שרעק טהאן, דערשרעקען, איבערשרעקען, אנווארפען א מורא, אויפרודערען; א שוידער, א טרייסעל, א שפרונג [ווי פון שרעק, שמערץ, אויפרעגונג א. ד. ג.]; אן אבשפרונג, א צוריקשפרונג; א שטויס, א רוק; אן אויסברוך; א פלעצליכע בעוועגונג, א לויף; אן אויפטריט; אן אנהויב; אן אבפאהר; אן ארויספאהר; א פארצוג, א פארטייל; א לויזער אדער שאקעלדיגער טייל; א דורכברוך, אן עפנונג; עטוואס וואס איז עהנליך צו אן עק; א הענטעל, א שטיעל; דער שארפער שפיץ פון א יונגען הירש-הארן.

start a doubt (סטארט ע דאוט) אויפהויבען א צווייפעל.

start af'ter (סטארט עפ'-טער) לאזען זיך נאך עמעם, לויפען נאך עמעם אדער אימעצען.

start a fund (סטארט ע פאנד) אנפאנגען זאמלען א פאנד, גרינדען א פאנד.

start against' (סטארט ע-גענסט') ארויסטרעטען געגען, זיך שטעלען געגען.

start a price (סטארט ע פראיס) באטען ערשטען פרייז [אויף אן אויקציאן].

start a ques'tion (סטארט ע קוועס'-טשאן) אויפהויבען א פראגע.

start aside' (סטארט ע-סאיד') אבשפרינגען אן א זייט.

start a top'ic (סטארט ע טאפ'-איק) בעריהרען אן עניין.

start a truth (סטארט ע טרוהטה) ענטדעקען אן אמת.

start away' (סטארט ע-וועי') א לאז טהאן זיך, אוועקלאזען זיך.

start back (סטארט בעק) פאהרען צוריק; אבשפרינגען צוריק.

star'ter *n.* (סטאר'-טער) איינער וואס גיט זיך א כאפ, א נעהם אדער א לאז; איינער וואס אנטלויפט; איינער וואס רייזט אב, איינער וואס נעהמט זיך פאר א רייזע; איינער וואס שטעלט פלוצים א פראגע, איינער וואס טרעט פלוצים ארויס מיט א טענה; איינער אדער עטוואס וואס ברייננט אין בעוועגונג; איינער וואס גיט א צייכען אדער סיגנאל אנצוהויבען; אזא יאגד-הונד וואס פאנגט אן די יאגד.

start'ful *a.* (סטארט'-פול) שרעקעדיג, ענגסטליך.

start'fulness *n.* (סטארט'-פול-נעס) שרעקעדיגקייט, דאס זיין ענגסטליך, דאס האבען מורא.

start in (סטארט אין) אנהויבען, אנפאנגען.

He started in business with a small sum.

star'ting *n.* and *a.* (סטאר'-טינג) דאס לאזען אין גאנג אדער בעוועגונג; דאס אבפאהרען; דאס א נעהם טהאן זיך; דאס א לאז טהאן זיך; וואס לאזט אין גאנג, וואס זעצט אין בעוועגונג.

star'ting-bar *n.* (סטאר'-טינג-באר) דער אנלאס-העבעל [דאס הענטעל אדער דער העבעל מיט וועלכען מען ברייננט אין בעוועגונג א דאמפף-מאשין].

star'ting-en'gine *n.* (סטאר'-טינג-ענ'-דזשין) אן אנלאס-מאשין [א קליינע דאמפף-מאשין, וועלכע ווערט בענוצט צו ברייננען אין בעוועגונג די גרויסע דאמפף-מאשין פון א שיף].

star'ting-gear *n.* (סטאר'-טינג-גיער) אן אנלאס-אפאראט [דער אפאראט מיט וועלכען מען לאזט אין גאנג א מאשין, ווי א דאמפף-מאשין, אויטאמאביל א. ד. ג.].

star'tingly *adv.* (סטאר'-טינג-לי) העפטיג, וויטענד, זיך רייסענדיג.

star'ting-place *n.* (סטאר'-טינג-פלייס) דער פלאץ פון וועלכען מען הויבט אן; דער אויסגאנגס-פלאץ.

star'ting-point *n.* (סטאר'-טינג-פאינט) דער אויסגאנגס-פונקט, דער אנפאנגס-פונקט; דאס ארט פון וועלכען מען פאהרט אב.

star'ting-post *n.* (סטאר'-טינג-פאוסט) דער פונקט אדער ארט וואס איז בעצייכענט מיט א שטאנג אדער מיט עטוואס אנדערעס פון וועלכען א וועט-לויף פאנגט זיך אן.

star'ting-valve *n.* (סטאר'-טינג-וועלוו) אן אנלאס-ווענטיל [א קליינער ווענטיל אדער קלאפאן, דורך וועלכען עס ווערט געלאזען אין גאנג א דאמפף-מאשין].

star'tish *a.* (סטאר'-טיש) שרעקעדיג, שיי [ווענען פערד].

star'tle *v.* and *n.* (סטארטל) זיך שרעקען; זיך צוזויפקארטשען אדער אויפשוידערען [ווי פון שרעק, שמערצען, איבערראשונג א. ד. ג.]; מאכען א פלעצליכע בעוועגונג ווי פון שרעק אדער איבערראשונג; אויסטראגען אדער אויסזעצען ווי א צושראקענעם פערד; דערשרעקען, אויפרודערען; איבערראשען; מאכען צום שוידערען; אן אויפשוידערונג [ווי פון שרעק], א שוידער; א פלעצליכער שרעק.

start'ler *n.* (סטארט'-לער) איינער וואס דערשרעקט זיך; איינער אדער עטוואס וואס שרעקט אדער איבערראשט.

start'ling *a.* (סטארט'-לינג) ערשרעקענד, ערשטוינענד.

start'lingly *adv.* (סטארט'-לינג-לי) דערשרעקענדיג, איבערראשענדיג אדער ערשטוינענדיג.

start on a jour'ney (סטארט אן ע דזשור'-ני) זיך לאזען אין וועג; זיך ארויסלאזען אויף א יאזדע.

start out (סטארט אוט) 1. זיך בעגעגנען, זיך א לאז טהאן [אין וועג]; 2. אנהויבען צו ווערען; זיך נעהמען [צו עפעס].

2. He started out to be a lawyer.

start out of one's sleep (סטארט אוט אוו וואנז סליעפ) זיך אויפכאפען פון שלאף.

starts of fan'cy (סטארטס אוו פענ'-סי) וויציגע איינפעלע.

start the an'chor (סטארט טהי ענ'-קאר) ארויפציהען דעם אנקער פון א שיף.

start'-up *n.* (סטארט'-אפ) איינער וואס ערשיינט אונערווארטעט; אן אונערווארטעטע ערשיינונג.

start up (סטארט אפ) 1. זיך א הויב

טהאן; פלוצום ערשיינען; 2. אנפאנגען פונקציאנירען, זיך ערעפענען.

2. The factory will start up to-morrow.

starva'tion *n.* (סטאר-וויי'-שאן) דאס אויסגעהן פון הונגער; נויט.

starve *v.* (סטארוו) אויסמארען, לאזען אויסגעהן פון הונגער אדער נויט; אויסהונגערען; אויסגעהן פון הונגער אדער פון נויט; הונגערען; ליידען נויט.

starve'ling *a. and n.* (סטארוו'-לינג) אויסגעהונגערט; אן אויסגעהונגערטער, אן אויסגעמארעטער; אן אויסגעהונגערטע בעשעפעניש.

starv'er *n.* (סטארוו'-ער) איינער וואס מארעט אדער הונגערט אויס.

starve with cold (סטארוו הוויטה קאולד) אויסגעהן פון קעלט, פערפרוירען ווערען.

star'wort *n.* (סטאר'-הוואירט) די שטערן־בלום; דער וואסערשטערן [אזא פלאנצע מיט ווייסע שטערן־פערמיגע בלומען].



Starwort

sta'sis *n.* (סטיי'-סיס) א פערהאלטונג פון בלוט אין וועלכען עס איז טייל פון די בלוט־געפעס [ווי אין אן ענטצונדענער ארטעריע].

sta'table *a.* (סטיי'-טעבל) וואס קען אויסגעדריקט ווערען.

stata'rian *a.* (סטע-טיי'-רי-ען) גוט דיסציפלינירט; פעסטשטעהענד, זיכער.

sta'tary *a.* (סטיי'-טע-רי) פעסטגעזעצט, בעשטימט.

state *n., a. and v.* (סטייט) א צושטאנד; א שטאאט, א מלוכה, א מדינה; די רעגיערונגס־מאכט פון לאנד; א שטאנד; א ראנג; א קלאס; די ארט לעבען; פראכט, הערליכקייט; שטאנדהאפטיגקייט; אן אבדרוק פון אן איינגראווירטער פלאטע; וואס איז שייך צום שטאאט, שטאאטליך, פון שטאאט; פאראדנע, הערליך; פעסטזעצען, בעשטימען; ערקלערען, ארויסזאגען, אנגעבען די איינצעלהייטען.

state affairs' (סטייט ע-פעהרז') שטאאטס־געשעפטען, מלוכה־אנגעלעגענהייטען.

state bank (סטייט בענק) א שטאאט־באנק [א באנק־געשעפט אין אמעריקא וואס שטעהט אונטער דער אויפזיכט און קאנטראל פון דער רעגיערונג].

state'craft *n.* (סטייט'-קרעפט) שטאאטס־פיהרונג, שטאאטס־פערוואלטונג.

state crim'inal (סטייט קרימ'-אי-נעל) א פאליטישער פערברעכער.

sta'ted *a.* (סטיי'-טעד) בעשטימט, פעסטגעזעצט; געזאגט, דערמאנט, אנגעגעבען.

sta'tedly *adv.* (סטיי'-טעד-לי) שטענדיג, רעגולער, אין א בעשטימטער צייט.

state'hood *n.* (סטייט'-הוד) די לאגע אדער צושטאנד פון א שטאאט.

state hos'pital (סטייט האס'-פי-טעל) א משוגעים־הויז וואס ווערט אויסגעהאלטען פון שטאאט.

state'-house *n.* (סטייט'-האוס) די געביידע אין וועלכער די געזעצגעבענדע קערפערשאפט פון אן אמעריקאנער שטאאט האלט אב איהרע זיצונגען, דער שטאאטס־פארלאמענט.

state lands (סטייט לענדז) מלוכה־לאנד, לאנד וואס געהערט צום שטאאט.

state'less *a.* (סטייט'-לעס) אהן פאראד, אהן פראכט, איינפאך.

state'liness *n.* (סטייט'-לי-נעס) פראכט, הערליכקייט; שטאלץ.

state'ly *a. and adv.* (סטייט'-לי) פרעכטיג, הערליך; מאיעסטעטיש, שטאלץ.

state'ment *n.* (סטייט'-מענט) א שריפטליכע ערקלערונג; אן ערקלערונג; א בעהויפטונג; א בעריכט, א מיטטיילונג; א מעלדונג.

state'-mon'ger *n.* (סטייט'-מאנ'-גער) א פאליטיקער, איינער וואס גיט זיך אב מיט שטאאטס־אנגעלעגענהייטען.

state of facts (סטייט אוו פעקטס) די זאך־לאגע; א פערצייכניס פון פאקטען וואס ווערט צוגעשטעלט צו א געריכטליכען פראצעס.

state of mind (סטייט אוו מאינד) א געמיטס־צושטאנד.

state of na'ture (סטייט אוו ניי'-טשור) נאטור־צושטאנד; אונציוויליזירטקייט; נאקעטקייט; אונשולדיגקייט, פרימיטיווקייט.

state pa'per (סטייט פיי'-פער) א רעגיערונגס־דאקומענט, א שטאאטס־דאקומענט; אן אפיציעלע רעגיערונגס־צייטונג.

state pris'on (סטייט פריזן) א געפענגניס אדער טורמע פאר פאליטישע פערברעכער; א שטאאטס־געפענגניס [א געפענגניס וואו עס ווערען געהאלטען פער'משפט'ע פערברעכער. אין געגענזאץ צו א שטאדט־געפענגניס, וואו עס ווערען געהאלטען אזעלכע, וואס דארפען ערשט גע'משפט ווערען].

state pris'oner (סטייט פריז'נ-ער) א פאליטישער ארעסטירטער.

sta'ter *n.* (סטיי'-טער) איינער וועלכער גיט ארויס אן ערקלערונג אדער בעהויפטונג; א גאלדענע מטבע פון געוויסע שטעדט אין פארצייטיגען גריכענלאנד.

state'-room *n.* (סטייט'-רוהם) אן אויפגעפוצטעס צימער אין א פאלאץ, א זאאל; א פאסאזשיר־קאיוטע אויף א דאמפף־שיף; א קופע אדער בעזונדערע אבטיילונג אין א שלאף־וואגאן; א שלאף־צימער פאר אן אפיציער אויף אן אמעריקאנער קריעגס־שיף.

States *(the)* *n.* (סטייטס) 1. די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [ווי די ענגלישע רופען זיי]; 2. ניעדערלאנד, האלאנד.

1. He sailed from Liverpool for the States.

state's ev'idence (סטייטס עוו'-אי-דענס) א קרוין־עדות, אן עדות פון רעגיערונגס צד.

states'-gen'eral *n.* (סטייטס'-דזשענ'-ע-רעל) די קערפערשאפטען, וועלכע שטעלען צונויף די געזעצגעבונג פון א לאנד.

States'-gen'eral *n.* (סטייטס'-דזשענ'-ע-רעל) די גענעראל־שטאאטען אין פראנקרייך [די פערזאמלונג פון די שטאנדען־פארשטעהער אין פראנקרייך ביז דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן פון יאהר 1789, וועלכע פלעגען זיך צונויפקומען צו ענטשיידען אלגעמיינע מלוכה־אנגעלעגענהייטען]; די גענעראל־שטאאטען אין האלאנד.

states'man *n.* (סטייטס'-מען) א שטאאטס־מאן, א פאליטיקער, א דיפלאמאט.

states'manlike *a.* (סטייטס'-מענ-לאיק) ווי א שטאאטסמאן, שטאאטסמעניש.

states'manly *a.* (סטייטס'-מענ-לי) ווי א שטאאטסמאן, שטאאטסמעניש.

states'manship *n.* (סטייטס'-מענ-שיפ) שטאאטסמאנשאפט, רעגיערונגס־קונסט, דאס ארויסצייגען קלוגהייט און ווייטזיכטיגקייט אין אנפיהרען די ענינים פון דער מלוכה.

state'-so'cialism *n.* (סטייט'-סאו'-שעל-איזם) שטאאטס־סאציאליזם [א פלאן דורכצופיהרען סאציאלע רעפארמען און פערבעסערען די לאגע פון דעם ארבייטער־קלאס ניט ענדערענדיג די גרונד־פרינציפען פון פריוואט־אייגענטום].

state'-so'cialist *n.* (סטייט'-סאו'-שעל-איסט) אן אנהענגער פון שטאאט־סאציאליזם. ז. *state-socialism*

state sov'ereignty (סטייט סאוו'-ער-איינ-טי) סאווערעניטעט פון'ם שטאאט, די אונאבהענגיגקייט, זעלבסטשטענדיגקייט אדער זעלבסטרעגיערונג פון אן אמעריקאנער שטאאט.

stath'mograph *n.* (סטעטה'-מא-גרעף) אן אינסטרומענט צו פערצייכענען די געשווינדיגקייט פון אן אייזענבאהן־צוג.

stat'ic *a.* (סטעט'-איק) ז. *statical*

stat'ical *a.* (סטעט'-אי-קעל) סטאטיש, וואס איז אין גלייכגעוויכט; וואס ווירקט בלויז מיט דער געוויכט און ניט מיט בעוועגונג; וואס איז שייך צו קערפער אין זייער רוה־צושטאנד.

stat'ically *adv.* (סטעט'-אי-קעל-אי) סטאטיש, אין גלייכגעוויכט; לויט סטאטיק. ז. *statics*

stat'ics *n.* (סטעט'-איקס) די סטאטיק, לעהרע וועגען גלייכגעוויכט פון קערפער אדער קרעפטען.

sta'tion *n. and v.* (סטיי'-שאן) אן ארט; א שטעלע; א שטאנד, א ראנג, א מדרגה; א סטאציאן, א סטאנציע; א וואקזאל; אן אבשטעל־פלאץ; א פאליציי־צירקעל; שטעלען, אוועקשטעלען.

sta'tional *a.* (סטיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א סטאציאן, סטאנציע אדער שטעלע.

sta'tionariness *n.* (סטיי'-שאנ-ע-רי-נעס) דאס פעסטשטעהן, דאס זיין סטאציאנער, דאס שטעהן פעסט אויף איין שטאנד.

sta'tionary *a. and n.* (סטיי'-שאנ-ע-רי) פעסט, פעסטגעשטעלט, פעסטשטעהענד, סטאציאנער; אונבעוועגליך; וואס בלייבט אין דעמזעלבען צושטאנד [וואס פראגרעסירט ניט, וואס ענדערט זיך ניט]; א מענש אדער זאך וואס בלייבט אויף'ן זעלבען ארט אדער אין דיזעלביגע בעדינגונגען; א קאנזערוואטאר, איינער וואס וויל, אז אלץ זאל בלייבען ווי עס איז, ניט געענדערט.

sta'tion-cal'endar *n.* (סטיי'-שאנ-קעל'-ענ-דאר) ז. *station-indicator*

sta'tioner *n.* (סטיי'-שאנ-ער) איינער וואס פערקויפט שרייב־מאטעריאלען.

sta'tionery *n. and a.* (סטיי'-שאנ-ער-אי) שרייב־מאטעריאלען [ווי פעדערען, טינט, פאפיער א. ד. ג.]; וואס איז שייך צו שרייב־מאטעריאלען.

sta'tion-house *n.* (סטיי'-שאנ-האוס) א פאליציי־צירקעל; א וואקזאל.

sta'tion-in'dicator *n.* (סטיי'-שאנ-אינ'-די-קיי-טאר) א בולעטין אויף אן אייזענבאהן־סטאציאן, וואו עס איז פערצייכענט די צייט פון ארויסגאנג און אבשטעל פון די צוגען אויף יעדער סטאציאן; א פארריכטונג אין א וואגאן צו צייגען די נעמען פון די סטאציאנען, אויף וועלכע דער צוג שטעלט זיך אב.

sta'tion-kee'per *n.* (סטיי'-שאנ-קיע'-פער) א סטאציאנס־וועכטער [אויף אייזענבאהנען].

sta'tion-mas'ter *n.* (סטיי'-שאנ-

מעס'-טער) דער סטאציאנס=שעף, דער נאטשאלניק פון אן אייזענבאהן=סטאנציע.

sta'tism *n.* (סטיי'-טיזם) פאליטיק, שטאאטס=קונסט.

sta'tist *n.* (סטיי'-טיסט) א סטאטיסטיקער; א שטאאטסמאן, א פאליטיקער.

statis'tic *a.* (סטע-טיס'-טיק) ז. *statistical*

statis'tical *a.* (סטע-טיס'-טי-קעל) סטאטיסטיש, וואס איז שייך צו סטאטיסטיק, וואס בעשטעהט פון סטאטיסטיק. ז. *statistics*

statis'tically *adv.* (סטע-טיס'-טי-קעל-אי) פון'ם שטאנדפונקט פון סטאטיסטיק, לויט סטאטיסטיק.

statisti'cian *n.* (סטעט-איס-טיש'-ען) א סטאטיסטיקער, א קענער פון סטאטיסטיק. ז. *statistics*

statis'tics *n.* (סטע-טיס'-טיקס) סטאטיסטיק, די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט אויספארשען און ערקלערען געזעלשאפטליכע און אלגעמיינע ערשיינונגען דורך סיסטעמאטיש=געזאמעלטע צאהלען און ציפער וועגען דיזע ערשיינונגען; סיסטעמאטיש=געזאמעלטע צאהלען און ציפער וועגען מאסען ערשיינונגען און פאסירונגען פון געזעלשאפטליכען און אלגעמיינעם לעבען.

statistol'ogy *n.* (סטע-טיס-טאל'-א-דזשי) אן אבהאנדלונג וועגען סטאטיסטיק.

sta'tive *a.* (סטיי'-טיוו) וואס איז שייך צו א שטעהענדען מיליטער=לאגער אדער מיליטער=קווארטיר.

statoc'racy *n.* (סטע-טאק'-רע-סי) די הערשונג פון דעם שטאאט אליין אהן דער מיטווירקונג פון די גייסטליכע אדער קירך.

stat'oscope *n.* (סטעט'-א-סקאופ) אן אינסטרומענט וואס פערצייכענט די קלענסטע ענדערונגען אין דעם דרוק פון דער אטמאספערע.

stat'uary *n. and a.* (סטעטש'-יו-ע-רי) סקולפטור, פלאסטיק, די קונסט אויסצוהאקען, אויסצושניצען אדער צו מאדעלירען סטאטועןן; א סקולפטאר, א בילד=הויער, א בילד=שניצער, א סטאטועןן=מאכער; סטאטועןן; וואס איז שייך צו א סטאטוע.

stat'ue *n. and v.* (סטעטש'-יו) א סטאטוע; אוועקשטעלען א סטאטוע.

stat'ued *a.* (סטעטש'-יוד) בעפוצט מיט סטאטועןן; וואס האט די פארם פון א סטאטוע.

statuesque' *a.* (סטעטש-יו-עסק') ווי א סטאטוע, שעהן ווי א סטאטוע.

statuesque'ly *adv.* (סטעטש-יו-עסק'-לי) אזוי ווי א סטאטוע, אויף דעם אופן פון א סטאטוע.

statuesque'ness *n.* (סטעטש-יו-עסק'-נעס) דאס אויסזעהן ווי א סטאטוע.

statuette' *n.* (סטעטש-יו-עט') א סטאטועטקע, א קליינע סטאטוע.

stat'ure *n.* (סטעטש'-יור) די שטאטור, דער קערפער=געוואוקס, די קערפער=געשטאלט.

sta'tus *n.* (סטיי'-טאס) דער שטאנד, דער צושטאנד, די לאגע.

sta'tus quo (סטיי'-טאס קהוואו) דער געגענווערטיגער אדער ביזהעריגער צושטאנד.

stat'utable *a.* (סטעטש'-יו-טעבל) פעסטגעזעצט; געזעצליך; געזעצמעסיג; וואס איז לויט דער קאנסטיטוציאן אדער לויט די סטאטוטען.

stat'utably *adv.* (סטעטש'-יו-טע-בלי) לויט די סטאטוטען, לויט דער קאנסטיטוציאן, געזעצליך, געזעצמעסיג.

stat'ute *n.* (סטעטש'-יוט) א סטאטוט, א געזעץ, א תקנה.

stat'ute-book *n.* (סטעטש'-יוט-בוק) א סטאטוטען=בוך, א תקנות=בוך, א געזעץ=בוך.

stat'ute law (סטעטש'-יוט לאה) א געשריבענעם געזעץ אדער תקנה וואס איז אנגענומען געווארען פון א געזעצגעבענדער קערפערשאפט אדער פארלאמענט; א זאמלונג פון בעשליסע אדער געזעצען, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען פון א פארלאמענט אדער אנדערער געזעצגעבענדער קערפערשאפט.

Stat'ute of La'borers (סטעטש'-יוט אוו ליי'-באר-ערז) דאס ענגלישע געזעץ אין יאהר 1349 צו צווינגען די ארבייטער און בעדיענטע צו ארבייטען פאר דיזעלביגע שכירות וואס איז געצאהלט געווארען אין יאהר 1346 [דאס געזעץ איז געמאכט געווארען צוליעב דעם, ווייל דורך דער גרויסער פעסט אין יענער צייט איז שטארק פערמינדערט געווארען די צאהל בעדיענטע און זייער פרייז איז זעהר געשטיגען].

stat'ute of limita'tion (סטעטש'-יוט אוו לים-אי-טיי'-שאן) דאס פעריאהרונגס=געזעץ [דאס געזעץ וואס בעשטימט די צייט, נאך וועלכער דער אנקלאגער קען שוין מעהר ניט ארויסטרעטען מיט זיין אנקלאגע].

stat'ute-roll *n.* (סטעטש'-יוט-ראול) א סטאטוטען=זאמלונג, א סטאטוטען=בוך.

stat'utory *a.* (סטעטש'-יו-טא-רי) וואס איז לויט די סטאטוטען, וואס איז פעסטגעשטעלט לויט תקנות אדער סטאטוטען; פעראָרדענט, געזעצליך.

stat'utory law (סטעטש'-יו-טא-רי לאה) ז. *statute law*

statu'volence *n.* (סטע-טיו'-ווא-לענס) אן ארט פון היפנאטיזירען זיך אליין.

staunch *v., n. and a.* (סטאנטש) ז. *stanch*

stau'racin *n.* (סטאה'-רע-סין) אזא זיידענער שטאף געוועבט מיט קליינע צלמים'לעך, וואס גייסטליכע פלעגען אמאל טראגען.

stau'roscope *n.* (סטאה'-רא-סקאופ) אן אפטישער אינסטרומענט צו בעטראכטען און מעסטען די פלעכען פון קריסטאלען.

stave *n. and v.* (סטייוו) א קליאפקע, א פאס=ברעטעל, א העלצעל; א פלעקעל; א פערז, א סטראפע; א נאטען=שורה [וועלכע בעשטעהט פון 5 ליניעס]; אויסברעכען א לאך; אויסברעכען א ברעטעל אין א פאס; צוברעכען; אויסגיסען [דורך צוברעכען דאס פאס]; בעזארגען מיט קליאפקעס; פעסט מאכען דורך צונויפדריקען אדער צונויפקלאפען; לויפען אדער איילען ניט קוקענדיג אויף קיין זאך; ארבייטען ענערגיש.

stave it out (סטייוו איט אוט) קעמפפען ביז אן ענטשיעדענער רעזולטאט ווערט ערדרייכט.

stave off (סטייוו אף) אבשלאגען, צוריקהאלטען; אבשטופען; אבלעגען.

sta'ver *n. and v.* (סטיי'-ווער) אן ענערגישער, אקטיווער מענש; שוואנקען, זיך וואקלען.

sta'vers *n.* (סטיי'-וועדז) אזא קראנקהייט פון פערד.

staves'acre *n.* (סטייוון'-איי-קער) דער ריטער=שפארן [אזא הויכעס פוכיגעס גראז מיט בלויע אדער פורפור=בליהונגען, אויף וועלכען עס וואקסט א מין קערנער וואס ווערען בענוצט אלס גיפט פאר פאראזיטישע אינזעקטען, ווי לייז, פליי א. ד. ג.].

stave'-tan'kard *n.* (סטייוו'-טענ'-קארד) א הילצערנער בעכער צוזאמענגעשטעלט פון ברעטעלעך ווי אן עמער.

stave'wood *n.* (סטייוו'-הוואוד) אזא דיקער גרויסער בוים מיט זעהר א ווייכען האלץ.

sta'ving *n.* (סטיי'-ווינג) דאס קירצער מאכען אן אייזערנעם שטאנג דורך דעם וואס מען דערהיצט איהם און מען קלאפט איהם מיט האמערס אין די ענדען; די ברעטלעך פאר פעסער אדער וואסער=רעדער.

stay *v. and n.* (סטיי) בלייבען, פערווייַלען; בלייבען שטעהן, זיך אבשטעלען; ווארטען; אבשטעלען, צוריקהאלטען, אויפהאלטען; אויסהאלטען ביז'ן סוף; דרעהען אין ווינד [וועגען א שיף]; דאס בלייבען, דאס פערבלייבען [אויף א ארט]; אן אבהאלט, א פערהאלטונג; אן אויפהאלט; א שטיצע, אן אונטערשפארע; א שטערונג, א מניעה; שטאנדהאפטיגקייט, פעסטקייט; א שטארקער שטריק מיט וועלכען עס ווערט אנגעצויגען א מאסט=בוים פון א שיף.

stay'-at-home' *n.* (סטיי'-עט-האום') א היים=זיצער.

stay away' (סטיי ע-הוויי') אויסען בלייבען, ניט קומען, ניט זיין דערביי.

I propose to **stay away** from the banquet.

stay'er *n.* (סטיי'-ער) אן אונטערשטיצער, א שטיצער; אן אבהאלטער, איינהאלטער אדער פערהאלטער; איינער וואס בלייבט אדער פערבלייבט; איינער וואס האלט אויס ביז'ן סוף.

stay for (סטיי פאר) ווארטען.

stay from (סטיי פראם) זיך צוריקהאלטען.

stay'-hook *n.* (סטיי'-הוק) א העקעל פון א שניר=לייבקע אדער קארסעט.

stay in (סטיי אין) בלייבען אין דער היים.

stay'lace *n.* (סטיי'-לייס) שנור=באנד צונויפצוציהען א קארסעט אדער שנירלייבקע.

stay'maker *n.* (סטיי'-מיי-קער) א קארסעטען=מאכער.

stay out (סטיי אוט) אויסען בלייבען, ניט קומען.

stay put (סטיי פוט) בלייבען וואו מען האט אנידערגעשטעלט.

stay'-rod *n.* (סטיי'-ראד) א שטיץ=שטאנג אין א דאמפף=קעסעל; א פערבינדונגס=שטאנג אין א געביידע.

stays *n.* (סטייז) א קארסעט, א שנירלייבעל, א לייבקע [אויף פיש=ביין].

stay the stom'ach (סטיי טהי סטאמ'-עק) שטילען דעם הונגער.

stay up (סטיי אפ) 1. אונטערשטיצען; 2. אויף זיין.

2. The nurse was obliged to **stay up** all night with the patient.

S. T. D. ראשי תבות פון די ווערטער ***Doctor of Sacred Theology*** [דאקטאר דער טהעאלאגיע].

stead *n. and v.* (סטעד) אן ארט וואס אן אנדערער האט געהאט אדער קען האבען [ז. *instead*]; ביישטאנד, הילף, מיטווירקונג, דיענסט, נוץ, פארצוג, מעלה; ביישטעהן, מיטהעלפען, שטיצען, דיענען.

stead'fast *a.* (סטעד'-פעסט) פעסט, שטאנדהאפט; ענטשלאסען; ניט נאכגיעביג.

I relied on my **steadfast** friends but I was disappointed.

stead'fastly *adv.* (סטעד'-פעסט-לי) אויף א פעסטען, שטאנדהאפטען אדער בעשטעהענדען שטייגער.

stead'fastness *n.* (סטעד'-פעסט-נעס) פעסטקייט, שטאנדהאפטיגקייט, ענטשלאָסענהייט.

stead'ier *n.* (סטעד'-אי-ער) אן אונטער־שטיצער, אן אונטערהאלטער; איינער אדער עפּעס וואס דיענט צום אונטערשטי־צען אדער אונטערהאלטען.
He uses his cane as a steadier.

stead'ily *adv.* (סטעד'-אי-לי) פעסט, ענטשלאָסען, גלייכמעסיג, בעשטענדיג, סאָ־ליד, געזעצט.

stead'iness *n.* (סטעד'-אי-נעס) שטאנד־האפטיגקייט, פעסטקייט; זיכערהייט, ענט־שלאָסענהייט, בעדאכטקייט; בעשטענדיג־קייט.

stead'y *a. and v.* (סטעד'-אי) פעסט; ענטשלאָסען; גלייכמעסיג; געזעצט, פלייסיג; פעסט מאכען, בעפעסטיגען; מאכען סאָליד, געזעצט; זיכער ווערען; זיך גלייכמעסיג בעוועגען.

stead'y-go'ing *a.* (סטעד'-אי-גאו'-אינג) געזעצט, אויסגעהאלטען; וואס געהט מיט רעגעלמעסיגע טריט אין איין ריכ־טונג, צו איין צוועק.
He is a steady-going fellow.

steak *n.* (סטייק) א ביפשטעקס, אן אב־געשניטענעס שטיקעל פלייש צום בראטען.

steak'-maul *n.* (סטייק'-מאהל) אזא הילצערנער האמער צו צוקלאפּען א ביפ־שטעקס, כדי צו מאכען איהם ווייכער.



Steak-maul

steak'-pan *n.* (סטייק'-פּען) א סקאווא־ראדע צו בראטען ביפשטעקס.

steal *v. and n.* (סטיעל) גנב'ענען; צו־נעהמען עפּעס אהן רעכט און אהן יענעמס וויסען; בעגעהן א ליטעראַרישע גנבה, מאַ־כען א פּלאַגיאַט [ארויסגעבען איינעמס ווערק אלס זיין אייגענעס]; בעקומען עפּעס אויף אן אונעהרליכען וועג; אריינ־כאַפּען א פרעמדע זאך; טהאן עפּעס בגנבה; עפּעס בעוועגען אדער דורכגעהן בשתיקה אדער בעהאלטענערהייד; בע־געהן א גנבה, טהאן א גנב'ישע טהאט; א גנבה, א גנב'ישע טהאט.

steal a glance (סטיעל ע גלענס) כאַ־פּען א קוק; ווארפען א בעהאלטענעם קוק.
He stole a glance at her.

steal along' (סטיעל ע-לאהנג') געהן בע־האלטענערהייד, זיך דורכ'גנב'ענען.

steal a march (סטיעל ע מארטש) מאַר־שירען אין געהיים; איבעריאגען אדער גובר זיין דעם געגנער דורך גע'גנב'עטע טריט.

steal a mar'riage (סטיעל ע מער'-אידזש) חתונה האבען שטילערהייד.

steal away' (סטיעל ע-הוויי') אוועק־גנב'ענען עפּעס; זיך ארויס'גנב'ענען, פער־שווינדען אונבעמערקט.

stea'ler *n.* (סטיע'-לער) א גנב.

steal in (סטיעל אין) זיך אריינ'גנב'ענען.

stea'ling *n.* (סטיע'-לינג) דאס גנב'ענען, גנבה; א גע'גנב'עטע זאך.

stow away′ (סטאו ע־הויי') אוועקלע־גען, אנלאדען; פאהרען בעהאלטענערהייד אויף א שיף אהן א בילעט.

stow′away *n.* (סטאו'־ע־הויי) א פאסא־זשיר וואס פאהרט בעהאלטענערהייד אויף א צוג אדער שיף אהן א בילעט.

stow down (סטאו דאון) אנלאדען, אנ־פאקען [אויף א שיף].

stow′down *n.* (סטאו'־דאון) שיפס־לא־דונג.

stow′er *n.* (סטאו'־ער) אן אנלאדער [הויפטזעכליך פון א שיף]; איינער וואס לענט אוועק אדער לאדט אן [ווי אויף א שיף].

stow′ing *n.* (סטאו'־אינג) אוועקלעגונג, אנלאדונג; אבפאל און ערד אנצופילען אויסגעגראבענע פלעצער אין א קויהלען־גרוב אדער מעטאל־גרוב.

stow′lins *adv.* (סטאו'־לינז) בגנבה, בע־האלטענערהייד.

stow′-wood *n.* (סטאו'־הוואוד) שטוי־קער האלץ צו בעפעסטיגען פעסלעך וואס זיינען אנגעלאדען אויף א שיף.

stra′bism *n.* (סטריי'־ביזם) סטראביזם [קרום־אויגיגקייט, דאס זיין קאסאקע].

strabis'mal *a.* (סטריי-ביז'-מעל) ז. ***strabismic***.

strabis'mic *a.* (סטריי-ביז'-מיק) וואס איז שייך צו סטראביזם [קרום=אויגיקייט, קאסאקע אויגען]; וואס ליידט פון סטראביזם, וואס פעראורזאכט קרום=אויגיגקייט; קרום, צודרעהט.

strabis'mical *a.* (סטריי-ביז'-מי-קעל) ז. ***strabismic***.

strabismom'eter *n.* (סטרעב-איס-מאמ'-ע-טער) ז. ***strabometer***.

strabis'mus *n.* (סטריי-ביס'-מאס) ז. ***strabism***.

strabom'eter *n.* (סטריי-באמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען סטראביזם אדער בעשטימען די קרומקייט פון אן אויג.

strabot'omy *n.* (סטריי-באט'-א-מי) אן אפעראציאן אויף קרומע אויגען.

strad'dle *v., n. and adv.* (סטרעדל) 1. פאנאנדערשפרייטען די פיס, געהן, שטעהן אדער זיצען מיט פאנאנדערגעשפרייטע פיס; רייטען, זיצען רייטענדיג; 2. "זיצען אויף צוויי שטוהלען", זיך בעציהען גלייך גינסטיג צו צוויי ענטגעגענגעזעצטע זאכען; ענטהאלטען צוויי ענטגעגענגעזעצטע זאכען; 3. אין פויקער [קארטען=שפיעל] — דאפלען דעם איינשטעל אדער סטאווקע, וואס מען שטעלט בלינדערהייד, איידער מען טיילט אוים די קארטען; 4. דאס שטעהן אדער זיצען מיט פאנאנדערגעשפרייטע פיס, דאס רייטען, דאס זיצען רייטענדיג; 5. דער צווישענשייד אדער שטח צווישען פאנאנדערגעשפרייטע פיס; 6. אין פויקער — דאס דאפלען די בלינדע סטאווקע; 7. א ווערטיקאלער באלקען אין א שאכטע [קויהלען=גרוב אדער מעטאל=גרוב]; 8. אין בערזען=ספעקולאציאנען — אן אבמאך וואס גיט דאס דאפעלטע רעכט אין א בעשטימטער צייט אי צו קויפען אי צו פערקויפען געוויסע אקציעס פאר א געוויסען פרייז; 9. רייטענדיג, מיט פאנאנדערגעשפרייטע פיס.

1. The boys **straddled** the fence. 2. The Republican platform **straddled** the tariff question.

strad'dle-bug *n.* (סטרעד'ל-באג) די שאבע [א מין אינזעקט]. ז. ***tumble-bug***.

strad'dle-legged *a.* (סטרעד'ל-לעגד) מיט פאנאנדערגעשפרייטע פיס.

strag'gle *v.* (סטרעגל) 1. וואנדערען, זיך ארומטרייבען, בלאנדזשען; 2. פערבלאנדזשען, אבשטעהן [פון א קאמפאניע, מחנה א. ז. וו.]; 3. זיך פאנאנדערשפרייטען, זיין איבערגעוואקסען, זיין ניט רעגעלמעסיג געוואקסען; 4. זיין פאנאנדערגעווארפען אדער אבגעזונדערט.

2. **Straggling** from his companions, he found himself in a lonely place. 3. We trimmed off the branches that **straggled** too far out. 4. The houses **straggle** all over the district.

strag'gler *n.* (סטרעג'-לער) אן ארומטרייבער, א בראדיאגע, א וואגאבונד; א וואנדערער; א פערבלאנדזשעטער, אן אבגעשטאנענער [פון א מחנה, קאמפאניע א. ז. וו.]; א פויגעל וואס איז אבגעשטאנען פון דער מחנה [ביים וואנדערען]; עטוואס וואס איז איבערגעוואקסען; אן אונרעגעלמעסיגע זאך; אן אבגעזונדערטער מענש, אן אבגעזונדערטע זאך.

strag'gle-tooth *n.* (סטרעג'ל-טוהטה) א ניט=רעגעלמעסיגער צאהן, א שלעכט געוואקסענער צאהן.

strag'gling *n.* (סטרעג'-לינג) דאס אבשטעהן, אבזונדערונג; וואנדערונג; דאס בלאנדזשען; דאס זיין אונרעגעלמעסיג; דאס זיין אבגעזונדערט אדער פאנאנדערגעווארפען.

strag'glingly *adv.* (סטרעג'-לינג-לי) 1. פאנאנדערגעווארפען, אבגעזונדערט; 2. איינציגווייז; 3. אויף אן אונרעגעלמעסיגען אופן.

2. They came in **stragglingly**.

strag'gling-mon'ey *n.* (סטרעג'-לינג-מאנ'-אי) אין דער ענגלישער פלאטע — א בעלוינונג פאר אנצייגען אויף דעזערטירען אדער אויף מאטראזען וואס זיינען אבוועזענד געווען פון דיענסט לענגער ווי דאס איז זיי ערלויבט; א געלדשטראף, וואס עס דארפען בעצאהלען מאטראזען פאר אויסענבלייבען פון דער שיף איבער דער צייט וואס איז זיי ערלויבט.

strag'gly *a.* (סטרעג'-לי) אונרעגעלמעסיג, פאנאנדערגעווארפען; אבגעזונדערט, אבגעשטאנען.

straight *a., adv., n. and v.* (סטרייט) 1. גלייך, גראד; דירעקט; 2. זיכער, צופערלעסיג; 3. אויפריכטיג, עהרליך, עהרענהאפט; 4. ריכטיג, אין ארדנונג; 5. עכט, דורכאוים; 6. וואס שטימט איין מיט דער גאנצער פראגראם פון א פארטיי און שטימט פאר אלע איהרע קאנדידאטען; 7. ריין, ניט געמישט, ניט פערדארבען [ווי למשל, א געטראנק]; 8. וואס איז אין דער ריכטונג פון מזרח צו מערב [וועגען דער לאגע פון א בעערדיגטען ביי קריסטען]; 9. וואס בעשטעהט פון א רייה קארטען נאך דער ארדנונג; 10. אין א גראדער, גלייכער ריכטונג; דירעקט; 11. מיט איין מאל, באלד; 12. גלייכקייט, גראדקייט; א גראדער טייל; א גראדע ריכטונג; 13. אין פויקער [קארטען=שפיעל] — א רייה קארטען, געוועהנליך פינף אין צאהל, וואס פאלגען אין ארדנונג; מאכען גראד.

3. He proved to be a **straight** man. 4. The accounts are not quite **straight**. 6. He is a **straight** Democrat. 9. I have a **straight** flush.

straight an'gle (סטרייט ענגל) א גראדער ווינקעל [פון 180 גראד].

straight'-cut *a.* (סטרייט'-קאט) גלייך געשניטען [וועגען טאבאק=בלעטער].

straight'-edge *n.* (סטרייט'-עדזש) א ריכט=האלץ [א מין ווירע אדער לינעאל, וואס ווערט געברויכט פון סטאליארעס צו מעסטען די גלייכקייט].

straight'en *v.* (סטרייטן) גלייך מאכען, מאכען גראד; אויסגלייכען; גלייך ווערען, גראד ווערען, זיך אויסגלייכען.

straight'ened cir'cumstances (סטרייטנד סויר'-קאמ-סטענ-סעז) געענגטע אומשטענדען, שלעכטע אומשטענדען.

straight'ener *n.* (סטרייט'-נער) אן אויסגלייכער, איינער וואס מאכט גראד.

straight'ening-machine' *n.* (סטרייט'-נינג-מע-שין') א מאשין צום אויסגלייכען און גראד מאכען פערשיעדענע מעטאלענע זאכען.

straight face (סטרייט פיים) א ניט שמייכלענדעס פנים; אן ערנסטער, גלייכגילטיגער אויסדרוק.

I could with difficulty keep a **straight face**.

straight'for'ward *a. and adv.* (סטרייט'-פאהר'-הווארד) גלייך, גראד, דירעקט; אפען, עהרליך, אויפריכטיג; אין א גראדער ליניע; אויף א דירעקטען שטייגער; אויף אן אפענעם, אויפריכטיגען, עהרליכען שטייגער.

straight'for'wardly *adv.* (סטרייט'-פאהר'-הווארד-לי) אין א גלייכער אדער גראדער ריכטונג; אויף א דירעקטען, אפענעם, אויפריכטיגען, עהרליכען שטייגער.

straight'for'wardness *n.* (סטרייט'-פאהר'-הווארד-נעס) גראדקייט, דירעקטקייט; אפענהערציגקייט, אויפריכטיגקייט, עהרליכקייט.

straight'-hear'ted *a.* (סטרייט'-האר'-טעד) ז. ***strait-hearted***.

straight'-joint *a.* (סטרייט'-דזשאינט) צוזאמענגעלעגט אזוי, אז די פעראייניגונג פון די ברעטער בילדען א גלייכע ליניע [וועגען א דיל, פארלאגע].

straight'ly *adv.* (סטרייט'-לי) אין א גראדער ליניע; גלייך, דירעקט.

straight'ness *n.* (סטרייט'-נעס) גלייכקייט, גראדקייט.

straight'-out *a. and n.* (סטרייט'-אוט) 1. עכט, דורך און דורך [וועגען אנהענגערשאפט צו א פארטיי אדער איהר פראגראם]; 2. א פאלשטענדיגער פארטייי-מענש, איינער וואס שטימט בלויז פאר זיין פארטיי און פאר אלע פארטיי=קאנדידאטען.

1. He is a **straight-out** Republican.

straight tick'et (סטרייט טיק'-עט) א וואהל=צעטעל מיט די נעמען פון קאנדידאטען בלויז פון איין פארטיי.

straight tip (סטרייט טיפ) א ריכטיגע געהיימע אינפארמאציאן; א ריכטיגע אנדייטונג אדער אנווינקונג [ווי למשל, ביים וועטען, אין ספעקולאציאנען א. ז. וו.].

straight up and down (סטרייט אפ ענד דאון) פשוט, אהן קונצען און דריידלעך; דורכאוים אפענהערציג, אויפריכטיג און עהרליך.

straight'way *adv.* (סטרייט'-הוויי) תיכף, באלד.

straight'ways *adv.* (סטרייט'-הוויין) ז. ***straightway***.

strain *v. and n.* (סטריין) 1. ציהען, זיך ציהען [מיט אנשטרענגונג]; אנשטרענגען, זיך אנשטרענגען; 2. אריבערציהען, אריבערכאפען די מאס; 3. ארויסדרינגען מיט גוואלט, פערדרעהען; 4. שעדיגען אדער אבשוואכען דורך צו פיעל אנשטרענגונג; 5. צווינגען, קוועטשען, דריקען, פרעסען; 6. ארומנעהמען, אומארמען, צודריקען צו זיך; 7. זייען, פילטרירען, אבזייען; זיך זייען, זיך דורכזייען; 8. אומענדערען די פארם [פון סאלידע קערפער]; 9. דרוק, צוואנג, גוואלט; 10. אנגעצויגענקייט, אנגעשטרענגטקייט; אנשטרענגונג; שפאנונג; 11. פארם=ענדערונג אדער בעשעדיגונג פון סאלידע קערפער; שעדיגונג, אויסלינקונג; 12. אן אויסברוך, א גוואלדיגע אנשטרענגונג [פון דער פארשטעלונגס=קראפט, פון דער רעדנער=קראפט א. ז. וו.]; 13. א פאעמא; 14. א ליעד, א מעלאדיע; 15. טאן, סטיל, מאניער; 16. געמיטהס=צושטאנד; 17. איינגעבארענע נייגונג, כאראקטער; 18. זארט, מין; 19. א שפור, א שטריך; 20. אבשטאמונג, ראסע; מין [הויפטזעכליך פון הויז=טהיערע].

1. We had to **strain** every nerve to accomplish the task. 3. Judges often **strain** the law. 4. We **strained** our necks looking back. 5. Forbear to **strain** my patience. 10. The long waiting was a **strain** on my nerves. 16. He is now in a very peaceful **strain**. 18. Let men learn prudence of a higher **strain**. 19. There is a **strain** of weakness in his character.

strai'nable *a.* (סטריי'-נעבל) וואס מען קען אנשטרענגען אדער אנציהען.

strain af'ter (סטריין עפ'-טער) שטארק שטרעבען נאך עטוואס.

strain a point (סטריין ע פאינט) איבערכאפען די מאס; נאכגעבען אדער מאכען אן אויסנאהמע פאר א ספעציעלען פאל.

strain at (סטריין עט) [צו] שטרעבען עפעס], זיך אנשטרענגען צו דערגרייכען עפעס.

strain cour'tesy (סטריין קויר'-טי-סי) זיך האלטען צו שטארק אן צערעמאניעס; זיין איבערטריבען העפליך.

strained *a.* (סטריינד) אנגעצויגען, אנגעשטרענגט; קינסטליך, פערדרעהט; ארויסגעדרונגען מיט גוואלט; פון א געוויסער אבשטאמונג [וועגען א חיה].

strai'ner *n.* (סטריי'-נער) א זייער; איינער אדער עטוואס וואס ציהט אויס אדער ציהט אן; אן אינסטרומענט צום אויסציהען.

strai'ning *n.* (סטריי'-נינג) אנציהונג; אנשטרענגונג; שפאנונג; דריקונג, פרעסונג; פערדרעהונג, דאס ארויסדרינגען מיט גוואלט; אבשוואכונג, בעשעדיגונג; דאס אומענדערען די פארם פון סאלידע קערפער; דאס זייען.

strai'ning-bag *n.* (סטריי'-נינג-בעג) א פילטריר=זעקעל, א זיי=זעקעל.

strai'ning-beam *n.* (סטריי'-נינג-ביעם) א שפאן=באלקען [א קווער=באלקען וואס ווערט אריבערגעלעגט איבער די ווערטיקאל=שטעהענדע סלופעס, וועלכע האלטען אונטער די קראקוועס פון א דאך]. ז. *queen-post*

strai'ning-piece *n.* (סטריי'-נינג-פיעס) ז. *straining-beam*

strai'ning-sill *n.* (סטריי'-נינג-סיל) ז. *straining-beam*

strait *a.* and *n.* (סטרייט) שמאל, ענג; בעשרענקט, בעגרענצט; שטרענג, פינקטליך; א שמאלער דורכגאנג; א מעער=ענגע אדער מעער=שטראסע [א שמאלער פאס וואסער וואס פעראייניגט צוויי גרויסע וואסער=שטרעקען]; א לאנד=ענגע [א שמאלער פאס ערד וואס פעראייניגט צוויי גרויסע לאנד=שטרעקען]; אן ענגער ארט, א שוועריגקייט, א פערלעגענהייט.

strai'ten *v.* (סטרייטן) פערענגען, פערשמעלערען; בעשרענקען, בעגרענצען, איינפאסען, אנציהען; שטערען, הינדערען, מאכען אונבעקוועם; ברייגנען אין פערלעגענהייט, דריקען, פעראורזאכען ענגשאפט אין געלד, ברייגנען אין געלד=פערלעגענהייטען.

strait'-han'ded *a.* (סטרייט'-הענ'-דעד) קארג, גייציג.

strait'-han'dedness *n.* (סטרייט'-הענ'-דעד-נעס) קארגקייט, גייציגקייט.

strait'-hear'ted *a.* (סטרייט'-האר'-טעד) ענגהערציג, עגאאיסטיש; קארג.

strait'-jack'et *n.* (סטרייט'-דזשעק'-עט) א צוואנגס=יאק [אן ענגע יאק פאר געפעהרליכע משוגעים].

strait'-laced *a.* (סטרייט'-לייסט) 1. ענג געשנורט; 2. שטייף, אנגעצויגען; פינקטליך, שטרענג [אין אויפפיהרונג, מאראל א. ד. ג.].

. 2. She is extraordinarily strait-laced in her temper, her taste, her morals, and her waist.

strait'ly *adv.* (סטרייט'-לי) ענג; נאהענט; אינטים, פערטרייט; אנגעצויגען געפאסט; אויף א שטרענגען, פינקטליכען אופן; אויף א שמערצליכען אופן.

strait'ness *n.* (סטרייט'-נעס) ענגקייט; בעשרענקטקייט, בעגרענצטקייט; שטרענגקייט; נויט, ארימקייט.

straits *n.* (סטרייטס) א מעער=ענגע; פערלעגענהייט, א געענגטע לאגע, געלד=מאנגעל, נויט. ז. *strait*

strait'-waist'coat *n.* (סטרייט'-ווייסט'-קאוט) ז. *strait-jacket*

strake *n.* (סטרייק) א ראד=שינע [דער אייזערנער רייף ארום א ראד]; דער פלאנקען=גאנג [די ברייט פון א דיל אויף'ן דעק פון א שיף וואס איז אויסגעשלאגען מיט קווער=ליגענדע פלאנקען אדער ברעטלעך].

stram *v.* and *n.* (סטרעם) פאנאנדער=שפרייטען די פיס, מאכען ברייטע ניט גראציעזע טריט; א שווערער לאנגער גאנג.

stramin'eous *a.* (סטרע-מינ'-אי-אס) שטרויאיג; פון שטרוי; לייכט ווי שטרוי; שטרוי=פארביג, בלאס=געלבליך.

stram'mel *n.* (סטרעמ'-על) שטרוי.

stramo'nium *n.* (סטרע-מאו'-ני-אם) סטראמאניום [אזא גיפטיגעס גראז מיט ווייסע בליהונגען וואס ווערט בענוצט אין מעדיצין]. ז. *thorn-apple*

stram'ony *n.* (סטרעמ'-א-ני) ז. *stramonium*

strand *n.* and *v.* (סטרענד) א שטראנד, א ברעג [פון ים אדער טייך]; איינע פון די שנורען פון וועלכע א שטריק איז צוזאמענגעדרעהט; א פאדים; שטראנדען, בלייבען שטעקען [וועגען א שיף]; ארויפטרייבען אויף'ן ברעג [א שיף]; זיך אבשטעלען, קומען צו א שטילשטאנד; מאכען א שטריק, צונויפדרעהענדיג איינציגע בעזונדערע שניר.

strand'-bird *n.* (סטרענד'-בוירד) א שטראנד=פויגעל, איינער פון די פויגלען וואס האלטען זיך אויף ביי די ברעגען פון ים אדער טייכען.

stran'ding-machine' *n.* (סטרענ'-דינג-מע-שין') א מאשין צום דרעהען שטריק.

strange *a.* and *adv.* (סטריינדזש) פרעמד, אונבעקאנט; אונגעוועהנליך; וואונדערבאר, זאנדערבאר, זעלטען, וואונדערליך, מאדנע; פערפרעמדעט, דערוויטערט; קאלט [אין די בעציהונגען]; אויף א פרעמדען, אונבעקאנטען אדער מאדנעם שטייגער.

strange'ly *adv.* (סטריינדזש'-לי) אויף א זאנדערבארען אופן.

strange'ness *n.* (סטריינדזש'-נעס) פרעמדקייט; זעלטענקייט, זאנדערבארקייט, מאדנעקייט.

stran'ger *n.* (סטריינ'-דזשער) א פרעמדער, אן אונבעקאנטער; א ניט=היגער; עפעס וואס דיענט אלס כלומר'שטער סמן, אז א פרעמדער אדער אורח וועט קומען [ווי בעת די קאץ וואשט זיך].

stran'gle *v.* (סטרענגל) דערשטיקען; דערווערגען; פערשטיקען.

stran'gle-goose *n.* (סטרענ'גל-גוהס) איינער וואס האנדעלט מיט עופות.

stran'gler *n.* (סטרענ'-גלער) א דערשטיקער, א דערווערגער; איינער וואס פערשטיקט עפעס.

stran'gles *n.* (סטרענגלז) דער פערד=קאטאר [אן אנשטעקיגע קראנקהייט ביי פערד, עזלען א. ד. ג.].

stran'gulate *v.* and *a.* (סטרענ'-גיו-לייט) דערשטיקען, דערווערגען; דערשטיקט, דערווארגען, שטארק צוגעפרעסט אדער צוגעדריקט.

stran'gulated *a.* (סטרענ'-גיו-ליי-טעד) דערשטיקט, דערווארגען; אין פאטאלאגיע — צוגעדריקט אזוי, אז דער צוגעדריקטער טייל פון קערפער הערט אויף צו פונקציאנירען.

strangula'tion *n.* (סטרענ-גיו-ליי'-שאן) די דערשטיקונג, די דערווערגונג; אין פאטאלאגיע — דאס צודריקען שטארק א טייל פון ארגאניזם, אז ער זאל אויפהערען צו פונקציאנירען.

strangu'rious *a.* (סטרענ-גיו'-רי-אס) וואס איז שייך צום לאזען השתנה, וואס קומט פאר מיט וועהטאגען; וואס ליידעט פון א קראנקהאפטער אורין=לאזונג.

stran'gury *n.* (סטרענ'-גיו-רי) א קראנקהאפטע און שמערצליכע השתנה, דאס לאזען אורין מיט וועהטאגען; שטעכעניש ביים פישען; א קראנקהייט ביי פלאנצען.

strap *n.* and *v.* (סטרעפ) א רימען; א לעדערנער פאס; דער טרייב=רימען [פון א מאשין]; דער שטרייך=רימען [צו שארפען גאל=מעסערס און חלפים]; א לענגליכע און שמאלע אייזערנע פלאטע וואס דיענט צו פעראייניגען צוויי קלעצלעך אדער ברעטלעך; קרעדיט; קרעדיט אויף בראנפען; פערבינדען מיט א רימען; שמייסען מיט א רימען; שארפען אדער גלעטען [א גאל=מעסער] אויף א רימען.

strap'-game *n.* (סטרעפ'-גיים) אזא שווינדלער=שפיעל מיט א שטריקעל אדער רימענדעל. ז. *fast and loose*

strap'-oil *n.* (סטרעפ'-איל) שמיץ [א הומאריסטישער אויסדרוק].

strappa'do *n.* and *v.* (סטרע-פיי'-דאו) די וויפע [א פארצייטיגע שטראף, וואס איז בעשטאנען אין דעם, וואס מען פלעגט דעם שולדיגען צובינדען צו א שטריק און אויפהויבען אין דער הויך און דערנאך פלעגט מען איהם מיט א שטארקען קלאפ ארונטערשליידערען אויף דער ערד]; בעשטראפען מיט דער וויפע.

strap'per *n.* (סטרעפ'-ער) איינער וואס האט צו טהאן מיט רימענס; איינער וואס טהוט אן דעם געשפאן אויף א פערד; א הויכער דיקער יונג; עטוואס גרויסעס.

strap'ping *n.* and *a.* (סטרעפ'-אינג) דאס צובינדען מיט א רימען; דאס שמייסען מיט א רימען; רימענס; גרויס; גוט געוואקסען.

strap'-shaped *a.* (סטרעפ'-שייפט) אין באטאניק — רימען=פערמיג אדער צונגען=פערמיג [וועגען געוויסע בלעטלעך פון פלאנצען און בלומען].

strap'-work *n.* (סטרעפ'-הוואירק) אין ארכיטעקטור — א בעציערונג אין דער פארם פון א צונויפגעלעגטען אדער איבערגעפלאכטענעם רימען.

strass *n.* (סטרעס) דער שטראס [אזא גלאז=פאסטע, וואס ווערט בענוצט צו מאכען קינסטליכע דימענטען אדער אנדערע עדעלשטיינער]; די פסלת פון זייד, וואס בלייבט נאך דער אנוויקלונג אין קנוילען.

stra'ta *n.* (סטריי'-טא) שיכטען, בערג=שיכטען. ז. *stratum*

strat'agem *n.* (סטרעט'-ע-דזשעם) א סטראטאגעם, א שפיצעל אין מלחמה=פיהרונג; א פלאן אבצונארען דעם שונא; א כיטרער שפיצעל צו דערגרייכען א געוויסען צוועק.

stratagemat'ically *adv.* (סטרעט-ע

דזשע-מעט'-אי-קעל-אי) דורך א סטראטאגעם, דורך א כיטרען שפּיצעל. ז. *stratagem*.

stratagem'ical *a.* (סטרעט-ע-דזשעמ'-אי-קעל) סטראטאגעמיש, וואס איז שייך צו א כיטרען שפּיצעל אין מלחמה=פיהרונג. ז. *stratagem*.

stratarith'metry *n.* (סטרעט-ע-ריטה'-מע-טרי) די קונסט אויסצורעכענען ווי אזוי אויסצושטעלען אן ארמעע אין א געוויסער געאמעטרישער פיגור [ווי א קוואדראט, א דריי=עק א. ד. ג.] אדער צו בעשטימען וויפיעל מענשען געפינען זיך אין אזא פיגור.

strateget'ic *a.* (סטרעט-אי-דזשעט'-איק) ז. *strategic*.

strateget'ical *a.* (סטרעט-אי-דזשעט'-אי-קעל) ז. *strategic*.

strateget'ically *adv.* (סטרעט-אי-דזשעט'-אי-קעל-אי) ז. *strategically*.

strateget'ics *n.* (סטרעט-אי-דזשעט'-איקס) ז. *strategy*.

strateg'ic *a.* (סטרע-טעדזש'-איק) סטראטעגיש, וואס איז שייך צו סטראטעגיע אדער תכסיסי מלחמה. ז. *strategy*.

strateg'ical *a.* (סטרע-טעדזש'-אי-קעל) ז. *strategic*.

strateg'ically *adv.* (סטרע-טעדזש'-אי-קעל-אי) אויף א סטראטעגישען שטייגער; בנוגע צו סטראטעגיק. ז. *strategy*.

strateg'ics *n.* (סטרע-טעדזש'-איקס) ז. *strategy*.

strat'egist *n.* (סטרעט'-ע-דזשיסט) א סטראטעג, איינער וואס קען די קריעגס=קונסט.

strate'gus *n.* (סטרע-טי'-גאס) אין אלט=גריכענלאנד — דער סטראטעגוס, דער הויפּט קאמאנדיר פון דער ארמעע.

strat'egy *n.* (סטרעט'-ע-דזשי) סטראטעגיע, די קונסט צו פיהרען מלחמה; דאס בענוצען כיטרעקייט אין דערגרייכען א געוויסען צוועק.

strath *n.* (סטרעטה) אין שאטלאנד — א ברייטער אפענער טהאל; א ברייטער טהאל וואו עס לויפט דורך א טייך.

strathspey' *n.* (סטרעטה-ספּיי') אזא לעבהאפטער שאטלענדישער טאנץ; די מוזיק צו אזא טאנץ.

stratic'ulate *a.* (סטרע-טיק'-יו-לייט) אויסגעלעגט אין שיכטען איינע אויף די אנדערע.

stratifica'tion *n.* (סטרעט-אי-פי-קיי'-שאן) די שיכטונג, דאס לעגען אין שיכטען; אין געאלאגיע — סטראטיפיקאציאן, דאס אויסלעגען זיך פון בערג=שיכטען איינע אויף די אנדערע אין דעם געבוי פון דער ערד; אין פיזיאלאגיע — די פערדריקונג פון די וואנטלעך פון א צעלע דורך די צוגעקומענע דינע שיכטען וואס לעגען זיך איינע אויף די אנדערע; אין עלעקטריציטעט — ליכט=שטרייפען וואס בעקומען זיך פון עלעקטרישע ענטלאדונגען אדער פונקען, וועלכע געהען דורך א רעהר, פון וועלכען עס איז אויסגעשעפּט די לופט.

strat'ified *a.* (סטרעט'-אי-פאיד) אויסגעלעגט אין שיכטען איינע אויף די אנדערע.

strat'iform *a.* (סטרעט'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א סטראטום אדער בערג=שיכט. ז. *stratum*.

strat'ify *v.* (סטרעט'-אי-פאי) לעגען אין סטראטא אדער שיכטען איינע אויף די אנדערע.

stratig'rapher *n.* (סטרע-טיג'-רע-פער) א סטראטיגראף, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט סטראטיגראפיע. ז. *stratigraphy*.

stratigraph'ic *a.* (סטרעט-אי-גרעפ'-איק) סטראטיגראפיש, וואס האט צו טהאן מיט דעם סדר ווי אזוי עס האבען זיך אבגעלעגט פערשיעדענע בערג=שיכטען, פון וועלכע עס בעשטעהט די קארע פון דער ערד.

stratigraph'ical *a.* (סטרעט-אי-גרעפ'-אי-קעל) ז. *stratigraphic*.

stratigraph'ically *adv.* (סטרעט-אי-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א סטראטיגראפישען שטייגער; בנוגע צום סדר ווי אזוי עס האבען זיך אבגעלעגט די בערג=שיכטען פון דער ערד.

stratig'raphist *n.* (סטרע-טיג'-רע-פיסט) ז. *stratigrapher*.

stratig'raphy *n.* (סטרע-טיג'-רע-פי) אין געאלאגיע — סטראטיגראפיע, די לעהרע וועגען דעם סדר ווי אזוי עס האבען זיך אבגעלעגט איינע אויף די אנדערע די בערג=שיכטען, פון וועלכע עס בעשטעהט די קארע פון דער ערד.

strato-cir'rus *n.* (סטריי-טאו-סיר'-אס) ז. *cirro-stratus*.

stratoc'racy *n.* (סטרע-טאק'-רע-סי) סטראטאקראטיע, מיליטער=הערשונג, א רעגיערונגס=פארם, וואו די הויפּט=מאכט און פערוואלטונג ליעגט אין די הענד פון מיליטער.

strato-cu'mulus *n.* (סטריי-טאו-קיו'-מיו-לאס) ז. *cumulo-stratus*.

stratog'raphy *n.* (סטרע-טאג'-רע-פי) סטראטאגראפיע, די בעשרייבונג פון מיליטער און פון אלעם וואס געהערט צו מיליטער.

Straton'ic *a.* (סטרע-טאנ'-איק) ז. *Stratonical*.

Straton'ical *a.* (סטרע-טאנ'-אי-קעל) וואס איז שייך צום אלט=גריכישען פילאזאף סטראטאן אדער זיינע לעהרען [סטראטאן האט געלערנט, אז אלע ערשיינונגען פון דער וועלט, אפילו פון גייסטיגען לעבען, קומען פאר א דאנק מאטעריעלע נאטור=קרעפטען, און קיין זאך אויסער מאטעריע עקזיסטירט ניט].

stra'tum *n.* (סטריי'-טאם) א סטראטום, א שיכט, אן איבערלאג [איינע פון די שיכטען פון די פערשיעדענע שטיין=שטאפען, ליימען און זאמד=שטאפען וואס ליעגען איינע אויף די אנדערע און בילדען אוים די קארע פון דער ערד].

stra'tus *n.* (סטריי'-טאס) א דינע פערשפּרייטונג פון א וואלקען ניט הויך פון דער ערד.



Stratus

straw *n., a. and v.* (סטראה) שטרוי; א שטרוי; א קלייניגקייט; א לאנגע ליולקע; א דינע נאדעל צו נעהען שטרוי [ביים פאבריצירען היט]; געמאכט פון שטרוי; ניט ווירדיג; אונניצליך; געבען שטרוי, בעזארגען מיט שטרוי.

straw'-bed *n.* (סטראה'-בעד) א שטרוי=זאק, א שטרוי=געלעגער.

straw'berry *n.* (סטראה'-בער-אי) א פּאזיעמקע, אן ערדבערע, א טרוסקאווקע, א פּילעניצע, א רויטע יאגדע; די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסען פּילעניצעס אדער רויטע יאגדעס.

Strawberry

straw'berry-bush *n.* (סטראה'-בער-אי-בוש) דער שפּינדעל=בוים [אזא אמעריקאנער נידריגער בוש אדער קוסט, אויף וועלכען עס וואקסען אין הערבסט העל=רויטע יאגדעס].

straw'berry-pear *n.* (סטראה'-בער-אי-פּעהר) דער דריי=עקיגער פאקעל=דיסטעל [אזא צענטראל=אמעריקאנישע קאקטוס=פלאנצע מיט דרייעקיגע בלעטער=פערמיגע צווייגען]; די פרוכט פון דיזער פלאנצע.

Strawberry-pear

straw'berry-tree *n.* (סטראה'-בער-אי-טריע) דער ערדבעער=בוים [אזא קליין ביימעל פון דרום=אייראפּא, אויף וועלכען עס וואקסען העל=רויטע יאגדעס עהנליך צו פּאזיעמקעס].

straw'berry-vine *n.* (סטראה'-בער-אי-וואין) די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסען פּאזיעמקעס אדער רויטע יאגדעס.

straw'board *n.* (סטראה'-באורד) דיקעס קארטאן=פּאפּיער געמאכט פון שטרוי.

straw bond (סטראה באנד) א שטרויענער וועקסעל, א וועקסעל אדער אבליגאציע, וואס איז אונטערגעשריעבען פון א מענשען, וועלכען קען ניט בעצאהלען [ווי למשל, איינער איז ערב פאר א חוב מיט זיין הויז און אין דער ווירקליכקייט האט ער גאר קיין הויז ניט].

straw'-built *a.* (סטראה'-בילט) געבויט פון שטרוי, א שטרויענער.

straw'-col'or *n. and a.* (סטראה'-קאל'-אר) א שטרוי=קאליר; פון א שטרוי=קאליר. ז. איל. *"Colors"*.

straw'-col'ored *a.* (סטראה'-קאל'-ארד) פון א שטרוי=קאליר; מיט א בלייך=געלבער פארב.

straw'-cut'ter *n.* (סטראה'-קאט'-ער) א שטרוי-שניידער, א שטרוי-האקער [א האק-מעסער צו מאכען סעטשקע פון שטרוי].

straw hat (סטראה העט) א שטרויענער הוט.

straw'-house *n.* (סטראה'-האוס) א שטאל אדער שפייכלער צו האלטען שטרוי.

straw'like *a.* (סטראה'-לאיק) ווי שטרוי; שטרוי-עהנליך.

straw'-necked *a.* (סטראה'-נעקט) וואס האט שטרוי-עהנליכע פעדערען אויף'ן האלז [וועגען געוויסע פויגלען].

straw'-nee'dle *n.* (סטראה'-ניע'דל) א לאנגע דינע נאדעל צו נעהען שטרוי [אין דער פאבריקאציאן פון שטרוי-היט].

straw'-ride *n.* (סטראה'-ראיד) א שפאציער-פאהר אין א דארף אויף א וואגען שטרוי.

straw vote (סטראה וואוט) פראבע-וואהלען צווישען א קליינער גרופע מענשען.

straw'-wine *n.* (סטראה'-הוואין) וויין געמאכט פון וויינטרויבען וואס זיינען געטריקענט אויף דער זון [די וויינטרויבען ווערען געטריקענט אויף פאנאנדערגעשפרייטער שטרוי].

straw'-worm *n.* (סטראה'-הוואירם) די לארווא אדער דאס ווערימעל פון דעם וואסער-מאטען-פליגעלע. ז. *caddice*

straw'y *a.* (סטראה'-אי) שטרויאיג, ווי שטרוי, שטרוי-ארטיג; פון שטרוי, א שטרויענער.

stray *v., a. and n.* (סטריי) וואנדערען, אירען, בלאנדזשען; זיך פעראירען, פערבלאנדזשען; פערקריכען אין א זייט, אבווייכען פון גראדען וועג, אראבגעהן פון דרך הישר; פעראירט, פערבלאנדזשעט; צופעליג, ניט רעגולאר; א פערבלאנדזשעטע בהמה; א פעראירטער; דאס וואנדערען, דאס בלאנדזשען.

strayed *a.* (סטרייד) וואנדערענד, פערבלאנדזשעט.

stray'er *n.* (סטריי'-ער) איינער וואס בלאנדזשעט, א וואנדערער.

streak *n. and v.* (סטריעק) א שטריך, א שטרייף, א ליניע; א כאראקטעריסטישער שטריך, א צייכען; א כאראקטער-צוג; אין מינעראלאגיע — דער קאליר פון דינעם פולווער פון א מינעראל, ווי ער ציינט זיך ארויס, ווען מען קריצט אויף איהם א ליניע אדער ווען מען רייבט איהם איבער א הארטער ניט גלאטער פלעכע; ציהען א שטרייף אדער ליניע, מאכען א שטריך; זיך ציהען אין א ליניע אדער שטרייף [ווי א ראקעט אדער א פאלענדער שטערן].

streaked *a.* (סטריעקט) מיט שטריכען אדער שטרייפען.

strea'kiness *n.* (סטריע'-קי-נעס) בעדעקט מיט שטריכען אדער שטרייפען.

strea'king *n.* (סטריע'-קינג) א שטריך, א שטרייף.

streak of luck (סטריעק אוו לאק) א ביסעלע גליק; א גליקליכער צופאל.

strea'ky *a.* (סטריע'-קי) שטרייפיג, נעשטרייפט, מיט שטרייפען אדער שטריכען; ניט מיט גלייכע אייגענשאפטען; פערשיעדענארטיג לויט'ן כאראקטער.

stream *n. and v.* (סטריעם) א שטראם; א טייכעל, א באך; א שטרעמונג [א גרויסע מאסע וואסער אדער לופט, וואס בעוועגט זיך אין א געוויסער ריכטונג]; דער פלוס, דער לויף; דאס פליסען; דאס שטראמען; שטראמען, פליסען; ארויסשטרעמען; פערגיסען, ארויסלאזען א שטראם [ווי פון טרעהרען]; וועהען, פלאטערען אין דעם לופט-שטראם [ווי א פלאג]; מאכען פלאטערען; זיך בעוועגען אין דער פארם פון א ליכט-שטרייף [ווי א מעטעאר אדער פאלענדער שטערן].

stream a buoy (סטריעם ע באי) אראבלאזען אין וואסער א באיע אדער אנקער-צייכען [דאס שטיק האלץ וואס איז צוגעבונדען צום אנקער צו צייגען וואו ער ליעגט].

stream'-an'chor *n.* (סטריעמ'-ענ'-קאר) א ווארף-אנקער [א מין אנקער פון א שיף].

stream'-ca'ble *n.* (סטריעמ'-קיי'בל) אן אנקער-קייט.

stream'-clock *n.* (סטריעמ'-קלאק) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שנעלקייט פון דעם בלוט-שטראם אין די אדערען.

strea'mer *n.* (סטריע'-מער) א לאנגע פלאטערענדע זאך [ווי א באנד וואס פלאטערט אין דער לופט]; א לאנגער שמאלער פלאג; א פאהן; א פלאמענדער שטראם וואס פליסט אין דער הויך [ווי ביים נארדליכען ליכט-שטראם]; איינער וואס וואשט ציין-ערץ [ז. *streaming*].

stream'ful *a.* (סטריעמ'-פול) פול מיט שטראמען; פול מיט טייכלעך.

stream'-ice *n.* (סטריעמ'-אים) שטיקער אייז אדער קריהעס וואס ווערען געטראגען מיט'ן שטראם פון טייך.

strea'miness *n.* (סטריע'-מי-נעס) דאס זיין פול מיט שטראמען; דאס ארויסלאזען פיעל שטראמען [ווי פון ליכט-שטראהלען].

strea'ming *n. and a.* (סטריע'-מינג) דאס אבוואשען ציין-ערץ פון די ברעקלעך פעלזען און שטיינער, מיט וועלכע די ערץ איז געווען פעראייניגט; ארויסשטרעמענד מיט ליכט-שטראהלען [וועגען געוויסע עמבלעמען אדער צייכענס אויף א שילד].

stream'let *n.* (סטריעמ'-לעט) א קליינער שטראם, א טייכעלע.

stream'ling *n.* (סטריעמ'-לינג) ז. *streamlet*

stream'-tin *n.* (סטריעמ'-טין) וואש-ציין [ציין-ערץ וואס מען בעקומט פון אבוואשען עס פון די ברעקלעך פעלזען און שטיינער, מיט וועלכע זי איז געווען פעראייניגט].

strea'my *a.* (סטריע'-מי) שטראמענד; פול מיט שטראמען אדער טייכען; ארויסלאזענדיג שטראהלען; שטראהל-עהנליך.

streel *v.* (סטריעל) נאכשלעפען; שטראָמען.

Street (*the*) (סטריעט) די גאס [א גאס, ווי וואל-סטריט אין ניו יארק, וואו עס איז דער פינאנציעלער צענטער].

street *n.* (סטריעט) א גאס; א דורכגאנג; די איינוואוהנער פון א גאס בכלל.

street'-boy *n.* (סטריעט'-באי) א גאסען-יונג.

street bro'ker (סטריעט בראו'-קער) ז. *curbstone broker*

street'-car *n.* (סטריעט'-קאר) א טראמוויי-וואגאן, א טראמוויי, א וואגאן פון א שטאדטישער אייזענבאהן.

street'-clean'er *n.* (סטריעט'-קליענ'-ער) א גאסען-רייניגער.

street'-door *n.* (סטריעט'-דאור) די גאס-טהיר, די טהיר פון א הויז וואס עפענט זיך צו דער גאס.

stree'ted *a.* (סטריע'-טעד) מיט גאסען.

street'-or'derly *n.* (סטריעט'-אהר'-דער-לי) איינער וואס איז אנגעשטעלט צו האלטען ריין די גאס, אבראמענדיג שנעל די אנגעווארפענע שמוץ מיט א קליינעם בערשטעל און מיט א זעקעל.

street'-rail'road *n.* (סטריעט'-רייל'-ראוד) א גאסען-אייזענבאהן, א שטאדטבאהן, א טראמוויי.

street'-swee'per *n.* (סטריעט'-סהוויע'-פער) א גאסען-קעהרער, א גאסען-רייניגער; א מאשין צו קעהרען די גאסען.

street'-walk'er *n.* (סטריעט'-הוואהק'-ער) אן ארומגעהער איבער די גאסען, א פוס-געהער; א פראסטיטוטקע וואס געהט ארום איבער די גאסען.

street'ward *a. and adv.* (סטריעט'-הווארד) וואס איז צו דער גאס צו; צו דער גאס צו.

street'-wash'er *n.* (סטריעט'-הוואש'-ער) א פאס וואסער וואס ווערט געפיהרט אויף א וואגען צו בעגיסען די גאס.

strel'itz *n.* (סטרעל'-איטס) א מין דייטשער לייוועגט; א סאלדאט פון דעם צאר'ס לייב-וואך אמאל אין רוסלאנד, וואס איז פון פעטער דעם ערשטען אבגעשאפט געווארען.

strength *n.* (סטרענגטה) קראפט [פיזישע אדער גייסטיגע]; כח; שטארקייט; קרעפטיגקייט; פעסטקייט; מאכט; מעכטיגקייט; די טרופען-צאהל, די שטרייט-מאכט [פון אן ארמעע אדער פון א פלאטע].

strength'en *v.* (סטרענגטהען) שטארקען, שטארק מאכען; פערשטארקען, בעפעסטיגען; בעקרעפטיגען, בעשטעטיגען; שטארק ווערען; זיך בעפעסטיגען.

strength'ener *n.* (סטרענגטה'נ-ער) א פערשטארקער; א שטארקונג; עפעס וואס שטארקט; א שטארקונגס-מיטעל.

strength'ening *a. and n.* (סטרענגטה'נ-אינג) פערשטארקענד; א פערשטארקונג.

strength'ful *a.* (סטרענגטה'-פול) פול מיט קראפט; שטארק, קרעפטיג.

strength'fulness *n.* (סטרענגטה'-פול-נעס) דאס זיין פול מיט קראפט; שטארקייט, קרעפטיגקייט.

streng'thing *n.* (סטרענג'-טהינג) א פערשטארקונג.

strength'less *a.* (סטרענגטה'-לעס) אהן כח, קראפטלאז, שוואך.

strength of a cur'rent (סטרענגטה אוו ע קאר'-ענט) די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם [די מאס עלעקטריציטעט וואס פליסט אין א צייט-איינהייט, געוועהנליך אין א סעקונדע].

strength of mate'rials (סטרענגטה אוו מע-טי'-רי-עלז) די פעסטיגקייט פון מאטעריאלען.

strength of mind (סטרענגטה אוו מאינד) דענקונגס-קראפט, דענקונגס-פעהיגקייט.

streng'thy *a.* (סטרענג'-טהי) קרעפטיג, שטארק.

strenuos'ity *n.* (סטרענ-יו-אס'-אי-טי) העפטיגקייט; אייפריגקייט; ערנסטקייט; מוטיגקייט, טיכטיגקייט; א שפאנענדער עפעקט.

stren'uous *a.* (סטרענ'-יו-אס) ענערגיש, טהעטיג, פלייסיג, טיכטיג, מוטיג; ערנסט, אייפריג; העפטיג, שטארק.

stren'uously *adv.* (סטרענ'-יו-אס-לי) מיט מוטה, מיט אייפער, מיט הארץ; ענערגיש, טהעטיג, טיכטיג.

stren'uousness *n.* (סטרענ'-יו-אס-נעס) מוטיגקייט, בעהארצטקייט; אייפריגקייט, טהעטיגקייט, פלייסיגקייט, טיכטיגקייט.

strepito'so *adv.* (סטרעפ-אי-טאו'-סאו)

אין מוזיק — אויף א רעש'ינען, טומעלדיגען אדער העפטיגען שטייגער.

strep'itous *a.* (סטרעפ'-אי-טאס) רעש'יג, טומעלדיג.

stress *n. and v.* (סטרעס) קראפט; אנשטרענגונג, שפאנונג; אנשטרענגונגסקראפט; דרוק, דראנג; נאכדרוק; וויכטיגקייט; דער אקצענט אדער די בעטאנונג [דאס אנדריקען א געוויסע זילבע פון א ווארט מעהר אלס די אנדערע]; שטעלען דעם אקצענט, בעטאנען; אונטערוואַרפען צו אן אנשטרענגונג אדער שפאנונג.

stress'less *a.* (סטרעס'-לעס) אהן אן אקצענט.

stretch *v. and n.* (סטרעטש) ציהען, שטרעקען; אויסברייטען, אויסדעהנען, אויסציהען, פאנאנדערציהען; אנשטרענגען, אנציהען; איבערטרייבען, פערגרעסערען; זיך אויסציהען, זיך פאנאנדערציהען; זיך אויסשטרעקען, זיך אויסברייטען; ווערען גערעאם; אויפהענגען אויף דער תליה; איבערטרייבען, מגזם זיין; זעגלען אונטער'ן ווינד מיט אלע זעגעל; זיך אנשטרענגען מיט אלע כחות ביים לויפען; אן אויסשטרעקונג אדער אויסציהונג; א שטארקע אנשטרענגונג אדער שפאנונג; א שטרעקע, א מרחק; א שטח; אן אונטערבראכענער משך פון צייט; א ריכטונג, א קורס; א שפרונג אדער לויף ווי פון א חיה; א יאהר געפענגניס [אויף דער שפראך פון גנבים].

stretch a point (סטרעטש ע פאינט) איבערטרעטען די גרענעץ; אריבערכאפען די מאס.

stretch'er *n.* (סטרעטש'-ער) אן אויסשטרעקער, אן אויסציהער; א געצייג וואס דיענט צום אויסציהען אדער אויסשטרעקען; א טראג-בעטעל [צו טראגען פערוואונדעטע אדער טויטע]; א קוואַר-ברעט אין א שיפעל צו האלטען די פיס; א ציעגעל וואס ליעגט פאר לענג אין דער וואנד; א קוואַר-לייסט צווישען די פיס פון א שטוהל; אן אונטערשט ברעט אין א טיש צו פערפעסטיגען די פיס פון טיש אין וואס דיענט אלס פאליצע צום אוועקשטעלען א בלומען-קארב, ביכער אדער עטוואס אנדערש; א פערבינדונגס-שטאנג אין א ראהם; א גרויסע גוזמא אדער איבערטרייבונג, א ליגען.

stretch'-hal'ter *n.* (סטרעטש'-האהל'-טער) איינער וואס דארף געהאנגען ווערען; א לומפ, א שורקע.

stretch'ing *a. and n.* (סטרעטש'-אינג) אויסציהענד, אויסשטרעקענד, פאנאנדערציהענד; דאס אויסציהען, דאס אויסשטרעקען, דאס פאנאנדערציהען.

stretch'ing-frame *n.* (סטרעטש'-אינג-פריים) א פארשפין-מאשין [א מאשין וואס ציהט פאנאנדער בוימוואל פארבערייטענדיג עס צום שפינען]; א ראהם אויף וועלכען נעקראכמאלעטע זאכען ווערען אנגעצויגען צום טריקענען.

stretch'ing-machine' *n.* (סטרעטש'-אינג-מע-שין') א פארשפין-מאשין. ז. *stretching-frame*.

stretch out (סטרעטש אוט) ברייט פאנאנדערנעהמען די רודערס אום צו טרייבען דאס שיפעל שנעלער; אויסציהען.

stretch'y *a.* (סטרעטש'-אי) וואס קען פאנאנדערגעצויגען ווערען, וואס קען זעהר שטארק אויסגעצויגען ווערען; וואס ציהט זיך [ווי פון מיעדקייט אדער פון שלאף].

strew *v.* (סטרוה) אויסשטרייען, בעשטרייען; בעשיטען; אויסשיטען; פאנאנדערשיטען; בעשפרענקלען.

strew'ing *n.* (סטרוה'-אינג) עטוואס מיט וואס מען בעשטרייט; עטוואס וואס ווערט אויסגעשטרייט אדער פאנאנדערגעשאטען.

strew'ment *n.* (סטרוה'-מענט) דאס שטרייען אדער אויסשטרייען; עטוואס וואס ווערט אויסגעשטרייט אדער פאנאנדערגעשאטען.

stri'a *n.* (סטראי'-א) אין אנאטאמיע, זאאלאגיע און באטאניק — א שטרייף, א שטריך, א ליניע; א ריץ; אין ארכיטעקטור — א רינג פון א זייל וועלכער געפינט זיך צווישען צוויי רינגען-פערמיגע פערטיעפונגען; א שטריך, א שטרייף.

stri'æ *n.* (סטראי'-אי) שטרייפען, שטריכען; די ליכט-שטרייפען וואס בילדען זיך ווען אן עלעקטרישע ענטלאדונג אדער פונק געהט דורך א לופט-אויסגעפומפטען רעהרעל [ווי דאס גייסלערשע רעהרעל].

stri'ate *a. and v.* (סטראי'-אייט) געשטרייפט, מיט שטריכען; וואס האט די פארם פון א פאדים; מאכען אין שטריכען אדער שטרייפען.

stri'ated *a.* (סטראי'-איי-טעד) געשטרייפט, מיט שטריכען.

stri'ately *adv.* (סטראי'-אייט-לי) מיט שטרייפען אדער שטריכען; געשטרייפט.

stria'tion *n.* (סטראי-איי'-שאן) שטרייפונג; געשטרייפטקייט; דאס זיין אין שטרייפען, שטריכען אדער אין ריצען; א שטרייף, א שטריך, א ריץ.

stri'ature *n.* (סטראי'-ע-טשור) ז. *striation*.

strick *n.* (סטריק) אן אבשטרייך-העלץ [אזא פלאכעס שטיק העלץ וואס ווערט בענוצט אבצושטרייכען תבואה אין א מאס צו מאכען גלייך מיט די ברעגען]; א בינטעל בעארבייטע פלאקס.

strick'en *a.* (סטריקן) געשלאגען, געשטויסען; געטראפען; בעפאלען; ווייט אוועק.

strick'le *n.* (סטריקל) אן אבשטרייך-העלץ [אזא העלץ אבצושטרייכען תבואה אין א מאס צו מאכען גלייך מיט די ברעגען]; א שטרייך-העלץ [אזא לאפעטקע צו פוצען פלאקס]; א שלייף-ברעטעל צום שארפען מעסערס; אזא ברעטעל וואס מעטאלגיסער בענוצען אבצוגלייכען די פורעמס.

strict *a.* (סטריקט) אבסאלוט; שטרענג; גענוי, פינקטליך; פעסט, ענג; אינטים.

strict construc'tionist (סטריקט קאנסטראק'-שאנ-איסט) איינער וואס פאדערט, אז די געזעצען אדער די קאנסטיטוציאן זאלען אויסגעטייטשט ווערען שטרענג לויט דעם געשריבענעם בוכשטאב; אין דער אמעריקאנער געשיכטע — אן אנהענגער פון א פארטיי וואס פאדערט, אז די קאנסטיטוציאן בנוגע צו די איינצעלנע שטאאטען זאל אויסגעטייטשט ווערען שטרענג לויט דעם געשריעבענעם בוכשטאב.

strict'ly *adv.* (סטריקט'-לי) פינקטליך, גענוי; שטרענג; בעשטימט, פאזיטיוו; דורך און דורך, אויסשליסליך; אויסדריקליך.

strict'ness *n.* (סטריקט'-נעס) שטרענגקייט; גענויאיגקייט, פינקטליכקייט.

strict sense (סטריקט סענס) די שטרענגע אדער גענויע בעדייטונג [פון א ווארט אדער פון אן אויסדרוק].

stric'ture *n.* (סטריק'-טשור) א קראנקהאפטע צוזאמענציהונג פון וועלכען עס איז קאנאל אין קערפער; א שארפע קריטיק, א שטרענגע קריטישע בעמערקונג.

strid'den (סטרידן) געטראטען אדער געשריטען מיט ברייטע טריט. ז. *stride*.

stride *v. and n.* (סטראיד) שטעלען גרויסע טריט, שרייטען מיט גרויסע טריט; אריבערשפרייזען מיט איין טריט; זיצען אדער שטעהן מיט פאנאנדערגעשפרייטע פיס; א גרויסער טריט; א גרויסער שפרייז.

stri'dent *a.* (סטראי'-דענט) גרילצענד [ווענען א קלאנג אדער שטימע].

stri'dently *adv.* (סטראי'-דענט-לי) גרילצענדיג.

stri'dor *n.* (סטראי'-דאר) א גרילץ.

strid'ulant *a.* (סטריד'-יו-לענט) ז. *stridulous*.

strid'ulate *v.* (סטריד'-יו-לייט) גרילצען; סקריפען.

stridula'tion *n.* (סטריד-יו-ליי'-שאן) דאס גרילצען, דאס סקריפען; א גרילץ.

strid'ulator *n.* (סטריד'-יו-ליי-טאר) א גרילצענדער אדער סקריפענדער אינזעקט.

strid'ulatory *a.* (סטריד'-יו-ליי-טא-רי) ז. *stridulous*.

strid'ulous *a.* (סטריד'-יו-לאס) גרילצענד; סקריפענד.

strife *n.* (סטראיף) א בעשטרעבונג; א שטרייט; א קאמפף; א קריעג, א מחלקה; א וועט-שטרייט.

strife for life (סטראיף פאר לאיף) דער קאמפף פאר'ן לעבען, דער קאמפף פאר דער עקזיסטענץ.

strife'ful *a.* (סטראיפ'-פול) שטרייטיג, קריעגעריש; ווידערשפרעכענד, ווידערשטרעבענד.

strig *n. and v.* (סטריג) דאס פיסעל אדער דאס שטענגעל פון א בלום אדער בלעטעל; אבשניידען אדער אראבנעהמען דאס פיסעל אדער דאס שטענגעל פון א בלום אדער בלעטעל.

stri'ga *n.* (סטראי'-גא) א — אין באטאניק בעוואקסונג ווי פון שטייפע שפיציגע האר; אין זאאלאגיע—א שטריך אדער שטרייף.

strig'il *n.* (סטרידזש'-איל) א לייב-קראצער [אזא אינסטרומענט פון מעטאל, ביין אדער הארן וואס פלעגט אין אלטערטום בענוצט ווערען צו קראצען דאס לייב אין באד].

strig'ilose *a.* (סטרידזש'-אי-לאוס) אין באטאניק — בעדעקט מיט קליינע שטייפע שפיציגע הערעלעך.

strig'ine *a.* (סטרידזש'-אין) וואס איז עהנליך צו אן אוילע אדער סאווע [אזא נאכט-פויגעל].

stri'gose *a.* (סטראי'-גאוס) אין באטאניק—בעדעקט מיט שפיציגע שטייפע האר; מיט דינע שטריכען אדער שטרייפען [ווענען דעם אויסזעהן פון געוויסע אינזעקטען].

stri'gous *a.* (סטראי'-גאס) ז. *strigose*.

strike *v. and n.* (סטראיק) שלאגען; שטויסען; קלאפען; זיך אנקלאפען, זיך אבשלאגען; זיך אנשטויסען; דורכקלאפען, דורכשטויסען אדער דורכשטעכען; שטרייקען [סטרייקען], אבשטעלען די ארבייט; ארויסקומען פלעצליך מיט א דרינגענדען פערלאנג; אנצינדען; אנצינדען דורך א קלאפ אדער רייב; אנצינדען אן עלעקטרישען בויגען-לאמפ דורך פאנאנדעררוקען די קויהלען-שטיפטען; אבהאקען; אויסקלאפען, אויסשלאגען, אויסדריקען, אויסשטעמפלען; אריינקלאפען, אריינשלאגען; אויסמעקען, אויסשטרייכען; אנגרייפען; קעמפפען; ערשיינען פלעצליך אדער אונערווארטעט; אראבלאזען דעם זעגעל אדער פלאג ביים אונטערגעבען זיך צום שונא; זיך אונטערגעבען; בעריהרען; שטראנדען, ארויפלויפען אדער ארויפשטויסען זיך אויף א זאמד-בארג אדער פעלז [ווענען א שיף]; גנב'ענען פון די קעשענעס [אויף

גנבים=שפראך]; זיך אנשטויסען פלוצום אן עטוואס; מאכען אן ענטדעקונג, געפינען; זיך איינווארצלען, לאזען ווארצלען; זיך אנקלאפען אדער בעפעסטיגען צו שטיינער אדער מושלען [וועגען אויסטערס]; בעדיענען אן אפיציער [אין דער ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; דורכגעזאלצען ווערען, דורכגענומען ווערען מיט זאלץ [ווי א הערינג]; אבנעהן, אבבלאקירען [וועגען פארבען]; טרעפען ווי מיט א שלאג; אבשטרייכען אדער גלייך מאכען מיט די ברעגעס [וועגען א מאס תבואה]; אראבררייסען, אראבנעהמען, אוועקנעהמען פון ארט; אריינגיסען אין קיהל=געפעס [ייגען צוקער=זאפט אדער סיראפ ביים פאבריצירען צוקער]; ארייפאלען אין געדאנק, ארויפקומען אויף דער מחשבה; מאכען א שטארקען איינדרוק; ערשיינען, איבזעהן; צאפען משקה [ווי פון א פאס]; צוקלאפען [ווי ביים אבשליסען א מסחר]; בעשליסען, בעשטימען, אבמאכען; מאכען א שטריך אדער ליניע אויף א שטיק צייג דורך אן אנגעצייגענעם קרייד=פאדים [ווי די שניידערס טהוען עס]; ארייגשטעכען א הארפון אין א וואלפיש; פערטשעפען א פיש מיט'ן האטשעק, ווען ער האט אליין זיך ניט פערטשעפעט אן איהם; אננעהמען [א פאזע, א מיענע, א שטעלונג א. ד. ג.]; אנפאנגען [ווי א בעוועגונג]; נעהמען א געוויסע ריכטונג [וועגען די געאלאגישע שיכטען]; א קלאפ, א שטויס; א שטרייק [סטרייק], אן ארבייטס=אבשטעלונג פאר געוויסע פאדערונגען; אן אבשטרייך=האלץ [ז. *strickle*]; אן אונערווארטעטע ענטדעקונג פון מעטאל=ערץ אין א מינע; אן אונערווארטעטער ערפאלג; אן ענגלישע טרוקען=מאס [ווי פאר תבואה] וואס איז אן ערך גלייך צו צוויי בושעל; א ביגטעל בעארבייטע פלאקס; א האקען אדער קרוק אין א מעטאל=גיסעריי אויפצוהויבען די שטיקער מעטאל; די מאס סיראפ וואס ווערט אין דער צוקער=פאבריקאציאן מיט איין מאל אריינגעגאסען אין קיהל=געפעס; די מאס צוקער וואס ווערט אויסגעקאכט אדער קריסטאליזירט מיט איין מאל; אין בייס=באל=שפיעל — אן אונערפאלגרייכער פערזוך פון דעם באל=שלעגער א קלאפ צו טהאן דעם באל; א באל וואס ווערט אזוי געווארפען דאס דער באל=שלעגער דארף פראבירען איהם א קלאפ טהאן; א פולע מאס [בעזאנדערס וועגען דער מאס מאלץ וואס דארף אריינגעטהאן ווערען אין ביער]; די סומע מינץ [מעטאל=געלד] וואס איז געפרעגט [געשטעמפעלט] געווארען מיט איין מאל; אין אמעריקאנער פאליטיק — א געזעץ=פראיעקט, וואס ווערט אריינגעטראגען אין א געזעצגעבערישער קערפערשאפט מיט דעם ציעל ניט דורכצופיהרען איהם, נאר כדי דער צד, וואס ווערט אנגעגריפען דורך דיעזען געזעץ, זאל געבען לא יהרג=געלד, אום דער געזעץ=פראיעקט זאל ניט דורכגעהן.

strike a bal'ance (סטראיק ע בעל'-ענס) אונטערציהען דעם סך הכל פון די איינגאהמען און אויסגאבען; אונטערציהען די אונטערשטע שורה.

strike a bar'gain (סטראיק ע באר'-גיין) "צוקלאפען", שליסען א מסחר.

strike a lead (סטראיק ע ליעד) זיך אנשטויסען אין א מינע אויף א קוועלע פון מעטאל=ערץ; ארייננטרעטען אין אן ערפאלגרייכער אינטערנעהמונג.

strike a light (סטראיק ע לאיט) אנצינדען פייער, מאכען ליכטיג.

strike amain' (סטראיק ע-מיין') שנעל אדער פלוצום אראבלאזען די זעגלען אדער דעם פלאג פון א שיף.

strike an an'swer (סטראיק ען ענ'-סער) אויסשטרייכען אדער אויסמעקען אן ענטפער אלס ניט ריכטיג אדער אונגעניגענד.

strike an at'titude (סטראיק ען עט'-אי-טיוד) אננעהמען א טעאטראלישע פאזע.

strike asun'der (סטראיק ע-סאנ'-דער) פאנאנדער=שפאלטען אדער פאנאנדערהאקען אין צווייען.

strike at (סטראיק עט) אנגרייפען; א קלאפ טהאן; ציעלען זיך א קלאפ צו טהאן.

strike back (סטראיק בעק) געבען א פאטש פאר א פאטש.

strike blind (סטראיק בלאניד) שלאגען מיט בלינדקייט; בלינד מאכען.

strike'-block *n.* (סטראיק'-בלאק) א קורצער פוגען=הובעל.

strike dead (סטראיק דעד) טויט שלאגען.

strike down (סטראיק דאון) אנידערווארפען, ווארפען צו דער ערד.

strike fire (סטראיק פאיר) ארויסקלאפען פייער [מאכען פייער דורך קלאפען אדער רייבען].

strike for (סטראיק פאר) זיך פלעצליך א לאז טהאן; זיך בעגעבען [ערגעץ=וואו].
Let us strike for the rear car.

strike from (סטראיק פראם) אויסמעקען, אויסשטרייכען.

strike fund (סטראיק פאנד) א שטרייק=קאסע [א קאסע פון וועלכער עס ווערט געגעבען שטיצע צו שטרייקענדע ארבייטער].

strike hands (סטראיק הענדז) זיך געבען די הענד.

strike home (סטראיק האום) טרעפען אין סאמע אויג; טרעפען אין ריכטיגען פונקט.

strike in (סטראיק אין) מאכען אן ענערגישע בעוועגונג אדער אנשטרענגונג; זיך אריינמישען אין די רייד, אונטערברעכען; אנפאנגען; צושטעהן, זיך פעראייניגען; אנקומען, צושווימען צום ברעג [וועגען פייש].

strike in'to (סטראיק אינ'-טו) זיך אריינרייסען, זיך אריינברעכען; אריינלויפען מיט האסט.

strike meas'ure (סטראיק מעזש'-אור) אבשטרייכען דאס איבעריגע פון א מאס תבואה; מאכען א פולע מאס [ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די מאס ענטהאלט].

strike of day (סטראיק אוו דיי) דער איבסברוך פון טאג; בעגינען.

strike off (סטראיק אף) 1. אויסמעקען, אויסשטרייכען; 2. אראבציהען, אראברעכענען; 3. אראבהאקען, אראבקלאפען; 4. אבדרוקען.
1. Strike off this item from the bill. 2. The bookkeeper strikes off the interest on the debt. 4. The publisher was requested to strike off two thousand copies of the book.

strike oil (סטראיק איל) ענטדעקען א קוועלע פון פעטראלעאום [קעראסין]; זיך אנשטויסען אויף א גליק.

strike one luck'y (סטראיק הוואן לאק'-אי) "צונעקלאפט" [אן אויסדרוק ביים שליסען א מסחר, ווען מען גיט זיך די הענד].

strike one's fan'cy (סטראיק הוואנז פענ'-סי) געפעלען ווערען; פארקומען אלס בעהאנט.

strike'-or-si'lent *n.* (סטראיק'-אהר-סאי'-לענט) דער טייל פון א זייגער, וואס ברייגנט דעם שלאג=מעכאניזם אין בעוועגונג און שטעלט איהם אב.

strike out (סטראיק אוט) 1. ארויסשלאגען, ארויסקלאפען; 2. אויסמעקען, אויסשטרייכען; 3. ערפינדען; מאכען אויף שנעל א פלאן; 4. אין בייסבאל=שפיעל — ארויסשלאגען פון קאן [ווי דער באל=ווארפער דעם באל=שלאגער, ווען עס האט זיך איהם א געוויסע צאהל מאל ניט איינגעגעבען אבצושלאגען דעם באל]; 5. אין פויסטען=קאמפף — דערלאנגען א קלאפ אויסשטרעקענדיג די האנד פון שולטער אויס; 6. נעהמען א געוויסע ריכטונג.
3. He was ordered to strike out a new plan to finance the company. 4. The pitcher struck out three men in succession.

strike'-pay *n.* (סטראיק'-פיי) שטרייק=אויסצאהלונג [שטרייק=אונטערשטיצונג וואס א טרייד=יוניאן אדער געווערקשאפט צאהלט אויס צו שטרייקענדע ארבייטער].

stri'ker *n.* (סטראי'-קער) איינער אדער עטוואס וואס קלאפט אדער שלאגט; א שלאגער; א שלאג=האמער; א שטרייקער, אן ארבייטער וואס שטעלט אב די ארבייט; א סאלדאט אין דער ארמעע פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס איז אנגעשטעלט אלס א דיענער ביי אן אפיציער; אין אמעריקאנער פאליטיק — איינער וואס טראגט אריין אין א געזעצגעבערישער קערפערשאפט א נייעם געזעץ=פראיעקט מיט דעם ציעל ניט דורכצופיהרען איהם, נאר כדי דער צד, וואס ווערט אנגעגריפען דורך דיעזען געזעץ, זאל אבצאהלען לא יהרג=געלד, אום דיעזער געזעץ=פראיעקט זאל ניט דורכגעהן.

strike root (סטראיק רוהט) ארויסלאזען ווארצלען; איינווארצלען זיך; זיך בעפעסטיגען.

strike sail (סטראיק סייל) אראבלאזען פלוצום די זעגלען.

strike short (סטראיק שאהרט) ניט טרעפען, ניט ערגרייכען דעם ציעל.

strike soun'dings (סטראיק סאונ'-דינגז) דערגרונטעווען די טיעפקייט פון ים [מיט א זינק=בליי].

strike ter'ror (סטראיק טער'-אר) אנווארפען א שרעק.

strike up (סטראיק אפ) אנפאנגען זינגען אדער שפיעלען; זיך איינינגען אין דורכפיהרען עפעס.

stri'king *a. and n.* (סטראי'-קינג) אויפפאלענד, איבערראשענד, מערקווירדיג; דאס קילטיווירען פלאנצען דורך איינווארצלען אבגעשניטענע צווייגלעך; אין ארכיטעקטור — דאס צונעהמען דעם צענטער, אויף וועלכען עס איז געוועזען געבויט אן ארקע אדער בויגען.

stri'kingly *adv.* (סטראי'-קינג-לי) אויף אן אויפפאלענדען אופן; איבערראשענד, מערקווירדיג.

stri'kingness *n.* (סטראי'-קינג-נעס) דאס זיין אויפפאלענד, דאס זיין איבערראשענד, מערקווירדיגקייט.

stri'king resem'blance (סטראי'-קינג רי-זעמ'-בלענס) אן אויפפאלענדע עהנליכקייט, א מערקווירדיגע עהנליכקייט.

string *n. and v.* (סטרינג) א שנור; א שנירעל, א באנד, א בענדעל, א שטריקעל; א שטריקעל פון א שיס=בויגען; א סטרונע; אן אדער [פאזער, פיבר אדער פארים] פון א פלאנצע; א פלאנצען=אדער; אן ערץ=אדער; א גאנג, א רייה, א שורה; זאכען וואס זיינען אנגעצילעט אדער ארויפגעצויגען אויף א שנור; די צאהל געווינסען אין ביליארד; דער ערשטער קלאפ

אין ביליארד, אום צו בעשטימען, ווער עס זאל אנפאנגען די שפּיעל; ארויפציהען סטרונעס; אנציהען די סטרונעס, אנשטעלען דעם טאן פון א שטרייך-אינסטרומענט; אנציהען, מאכען שטייף; מאכען שטארק; צובינדען, אויפהענגען אדער בעפעסטיגען מיט א שטריקעל אדער בענדעל; צוזאמענבויגען א שיס-בויגען, אום אנצוציהען דאס שטריקעל; אויסציהען אין רייה אדער שורה; זיך ציהען אין א רייה אדער שורה; זיך ציהען ווי שנירלעך; ארויפציהען, ארויפצילען [ווי למשל, קארעלען]; ארויסנעהמען די אדערען אדער פעדים [פון פלאנצען]; מאכען א פּראבע-קלאפּ אין ביליארד-שפּיעל, אום צו בעשטימען, ווער עס זאל אנפאנגען דאס שפּיעל.

string'-al'phabet *n.* (סטרינג'-על'-פע-בעט) א קניפּלעך-אלף-בית [אן אלף-בית פאר בלינדע געמאכט אין דער פארם פון פערשיעדענע שלייפען און קנופּען].

string'-band *n.* (סטרינג'-בענד) א מוזיק-קאפּעלע וואס שפּיעלט אויף שטרייך-אינסטרומענטען [אינסטרומענטען מיט סטרונעס].

string'-bark *n.* (סטרינג'-בארק) ז. ***stringy-bark***.

string'-beans *n.* (סטרינג'-ביענז) פּאַסאליעס וואס ווערען געקאכט מיט די שויטען [סטרוטשקעס].

string'-board *n.* (סטרינג'-באורד) א טרעפּען-ברעט [א ברעט וואס האלט אונטער די טרעפּ]; א ברעט, וואס דיענט אלס אונטערשפּארע.

string'-course *n.* (סטרינג'-קאורס) אין ארכיטעקטור — א פלאכער שמאלער געזימס [מעהרסטענטייל אונטער פענסטער].

stringed *a.* (סטרינגד) מיט סטרונעס; ארויסגעבראכט דורך סטרונעס אדער שטרייך-אינסטרומענטען; פערבונדען.

strin'gency *n.* (סטרינ'-דזשענ-סי) 1 געדריקטקייט, געענגטקייט [אין געלד]; 2. שטרענגקייט.

1. There is a **stringency** in the money-market. 2. The **stringency** of the regulations was increased.

stringen'do *a.* (סטרינ-דזשענ'-דא) אין מוזיק — פערשנעלערענד דעם טעמפּ.

strin'gent *a.* (סטרינ'-דזשענט) שטרענג; געדריקט, געענגט [אין געלד].

strin'gently *adv.* (סטרינ'-דזשענט-לי) אויף א שטרענגען אופן; געענגט [אין געלד].

strin'gentness *n.* (סטרינ'-דזשענט-נעס) ז. ***stringency***.

string'er *n.* (סטרינג'-ער) איינער וואס שטעלט אריין די סטרונעס אין א פּיאנא; איינער וואס מאכט די שטריקלעך פאר א שיס-בויגען; איינער וואס צילעט אדער ציהט ארויף אויף א שנירעל; א האריזאנטאלער באלקען וואס פערבינדט די ענדען פון צוויי שטעהענדע באלקענס פון א הויז; א שוועל [א באלקען וואס ווערט געלעגט אין דער לענג, צו וועלכען מען בעפעסטיגט די שינען אדער רעלסען פון אן אייזענבאהן]; אן אונטערשטיצונגס-ברעט [הויפּטזעכליך אזא וואס שטיצט די טרעפּ פון א לייטער].

string'-gage *n.* (סטרינג'-גיידזש) א מאס צו מעסטען די לענג פון סטרונעס.

string'-halt *n.* (סטרינג'-האהלט) ז. ***spring-halt***.

string'iness *n.* (סטרינג'-אי-נעס) פּעדימדיגקייט, פאזערדיגקייט.

string'less *a.* (סטרינג'-לעס) אהן סטרונעס.

string'-min'strel *n.* (סטרינג'-מינ'-סטרעל) א מינסטרעל וואס זינגט אונטער דעם אקאמפּאנימענט פון א שטרייך-אינסטרומענט. ז. ***minstrel***.

string of cash (סטרינג אוו קעש) א שנור פון 500 ביז 1,000 אזעלכע קליינע כינעזישע קופּערנע מטבעות, וועלכע זיינען געלעכערט און ווערען ארויפגעצויגען אויף א שנור.

string'-or'chestra *n.* (סטרינג'-אהר'-קעס-טרא) ז. ***string-band***.

string'-pea *n.* (סטרינג'-פּיע) ארבעס וואס ווערט געגעסען מיט די שויטען [סטרוטשקעס].

string'-piece *n.* (סטרינג'-פּיעס) דער אויבערשטער טייל פון א לייטער; דאס ברעט, אויף וועלכען עס שטיצען זיך די טרעפּ; א האריזאנטאלער באלקען וואס פעראייניגט צוויי ווערטיקאלע באלקענס פון א הויז; א בעפעסטיגונגס-באלקען.

string'y *a.* (סטרינג'-אי) פּעדימדיג, שנירעלדיג; ציהיג, קלעפּיג; אדערדיג.

string'y-bark *n.* (סטרינג'-אי-בארק) אזא אויסטראלישער גומי-בוים מיט א פּעדימדיגער קארע.

strip *v. and n.* (סטריפּ) בערויבען, אוועקנעהמען, ארָאבּרייסען, אבשיילען, זיך אבשיילען; ענטבלויזען, זיך ענטבלויזען; אבדעקען, זיך אבדעקען; אראבנעהמען די פעל; אברייבען די גווינטען; ווערען אבגעריבען [ווענען גווינטען]; אויסמעלקען ביז'ן לעצטען טראפּען; אויספּרעסען די רויגען אדער די מילך [פון פיש]; ווערען אויסגעקוועטשט אדער בעפרייט פון רויגען און מילך [ווענען פיש]; אויסלעגען די אויסגעאקערטע ערד אין שטרייפען; אברייסען טאבאק-בלעטער פון די בלעטער-שטענגלעך; בעפרייען פון דעם אויבערשיכט, אויפדעקען [מעטאל-אדערען אין מעטאל-גרובען]; א שטרייף; א שמאלער, לאנגער פּאס; א דערוואקסען אינגעל, א בחור'ל; א שמאל ברעטעל, וואס ווערט ארויפגעשלאגען איבער א שפּאלט צווישען צוויי צוזאמענגעלעגטע פלאנקען; פערוויסטונג; פערניכטונג [ווי פון געביידען, געהילץ א. ד. ג.].

stripe *n. and v.* (סטראיפּ) א שטרייף; א פּאס; א לאנגער, שמאלער פּאס; א שפּור פון א בייטש; א שמיץ, א שמייס מיט א בייטש; א בעשטימטער קאליר, סארט, מין; עטוואס כאראקטעריסטישעס; שטרייפען, מאכען שטרייפען, מאכען געשטרייפט; קנוטעווען, פּאסעווען, שמייסען.

striped *a.* (סטראיפּט) געשטרייפט.

striped an'telope (סטראיפּט ענ'-טי-לאופּ) די געשטרייפטע אנטעלאפּע [אזא גרויסער געשטרייפטער אפריקאנישער הירש].

Striped Antelope

striped'-bass *n.* (סטראיפּט'-בעס) דער ים-וואלף [אזא ים-פיש עהנליך צו א בארש אדער אקון]. ז. ***bass***.

striped squir'rel (סטראיפּט סקהוואר'-על) ז. ***chipmunk***.

strip'-leaf *n.* (סטריפּ'-ליעף) א טאבאק-בלאט אהן דעם בלאט-שטענגעל.

strip'ling *n.* (סטריפּ'-לינג) א יונגער מענש, א בחור'על.

strip'per *n.* (סטריפּ'-ער) א שיילער; אן אינסטרומענט צום אראבנעהמען די קארע פון בוימער; איינער וואס רייסט אראב אדער ענטבלויזט.

strip'ping *n.* (סטריפּ'-אינג) דאס שיילען, דאס אראבנעהמען די קארע אדער די אויבערשטע שיכט; דאס אראבּרייסען אדער אבדעקען; ענטבלויזונג; דאס אויסקוועטשען די רויגען אדער די מילך [פון פיש].

strip'pings *n.* (סטריפּ'-אינגז) די לעצטע אויסגעמאלקענע מילך.

stri'py *a.* (סטראי'-פּי) שטרייפען-עהנליך; געשטרייפט; וואס קומט אין שטרייפען.

strive *v.* (סטראיוו) 1. שטרעבען, זיך בעשטרעבען; 2. שטרייטען, קעמפּפען; קאנקורירען.

1. It is laudable to **strive** for success. 2. The firm **strives** to beat its competitors.

striv'en (סטריוון) געשטרעבט, געשטרייט; קאנקורירט. ז. ***strive***.

stri'ver *n.* (סטראי'-ווער) א שטרעבער, איינער וואס שטרעבט; א שטרייטער; א קאנקורענט.

stri'ving *n. and a.* (סטראי'-ווינג) א שטרעבען; א שטרייט; שטרעבענד; שטרייטענד.

stri'vingly *adv.* (סטראי'-ווינג-לי) שטרעבענדיג; שטרייטענדיג.

strob'ic *a.* (סטראב'-איק) וואס זעהט אויס ווי עס וואלט זיך געדרעהט.

strob'ile *n.* (סטראב'-איל) אין באטאניק — א שישקע [ווי פון אן עגלע אדער טאנענבוים]; אין זאאלאגיע — א ווארים אדער אן אנדער בעשעפעניש וואס איז עהנליך צו א שישקע פון א טאנענבוים.

strobil'iform *a.* (סטרא-ביל'-אי-פארם) וואס האט די פארם פון א טאנענבוים-שישקע.

strob'iline *a.* (סטראב'-אי-לין) ז. ***strobiliform***.

strob'iloid *a.* (סטראב'-אי-לאיד) ז. ***strobiliform***.

strobiloph'agous *a.* (סטראב-אי-לאפ'-ע-גאס) וואס ערנעהרט זיך מיט שישקעס פון סאסנעס און טאנענבוימער [ווענען געוויסע פויגלען].

strobi'lus *n.* (סטרא-באי'-לאס) א שישקע פון א טאנענבוים.

strob'oscope *n.* (סטראב'-א-סקאופּ) א סטראבאסקאפּ, אן אינסטרומענט צו שטודירען די בעוועגונגען פון א זיך-דרעהענדען אדער וויברירענדען קערפּער.

strode (סטראוד) געטראטען, געשטעלט ברייטע טריט. ז. ***stride***.

subjunc'tive *a.* and *n.* (סאב-דזשאנק'-טיוו) אין גראמאטיק — קאניונקטיוו, וואס דריקט אויס א בעדינג אדער תנאי; דער קאניונקטיוו. ז. *subjunctive mood*.

subjunc'tive mood (סאב-דזשאנק'-טיוו מוהד) אין גראמאטיק—דער קאניונקטיווער מאדוס אדער דער קאניונקטיוו [די פארם פון א צייטווארט, וואס דריקט אויס א בעדינגונג אדער תנאי, ווי למשל: "איך וואלט נעטהאן דיין בקשה, ווען איך וואלט געהאט די מעגליכקייט"].

sub'kingdom *n.* (סאב'-קינג-דאם) איי-

נע פון די הויפט־אבטיילונגען פון דעם טהיער־רייך אדער פלאנצען־רייך.

subla'nate *a.* (סאב-ליי'-נייט) עטוואס וואליג, ווי מיט וואל בעוואקסען [וועגען פלאנצען].

sublapsa'rianism *n.* (סאב-לעפ-סיי'-רי-ענ-איזם) ז. *infralapsarianism*

sublate' *v.* (סאב-לייט') אין לאגיק — אבלייקענען, פערניינען, אנולירען.

subla'tion *n.* (סאב-ליי'-שאן) אין לאגיק — דאס אנולירען, דאס פערניינען.

sub'lative *a.* (סאב'-לע-טיוו) וואס איז גענייגט אוועקצונעהמען אדער בערויבען.

sub'lease *n.* (סאב'-ליעס) אן ארענדע־קאנטראקט, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון איינעם, וועלכער איז אליין אן ארענדאר.

sublease' *v.* (סאב-ליעס') פערדינגען א געדונגענעם הויז; אבגעבען אין ארענדע צו אן אנדערען דאס, וואס איז גענומען געווארען אין ארענדע.

sub'lessee *n.* (סאב'-לע-סיע) איינער וואס נעהמט אין ארענדע א הויז אדער א גוט פון אן אנדערען, וועלכער האלט עס אין ארענדע.

sublet' *v.* (סאב-לעט') פערדינגען ווייטער [ווי א שכן פערדינגט א וואהנונג צו אן אנדערען].

sub'levate *n.* (סאב'-לי-וויִיט) דערהויבונג, אויפהויבונג; אויפרייצונג.

subleva'tion *n.* (סאב-לי-וויי'-שאן) די ערהויבונג [צו א העכערער שטופע]; אן אויפשטאנד [פון א פאלק].

sub'lieutenant *n.* (סאב'-ליו-טענ-ענט) אן אונטער־לייטענאנט [א נידריגערער אפיציער־ראנג אין דער ענגלישער פלאטע].

subliga'tion *n.* (סאב-לי-גיי'-שאן) די אונטערבינדונג, דאס פערבינדען פון אונטען.

subli'mable *a.* (סאב-לאי'-מעבל) אין כעמיע — וואס קען סובלימירט ווערען; וואס קען געלייטערט ווערען [וועגען הארטע שטאפען]. ז. *sublimation*

subli'mableness *n.* (סאב-לאי'-מעבל-נעס) סובלימירבארקייט, דאס קענען סובלימירט ווערען. ז. *sublimation*

sub'limate *v., a. and n.* (סאב'-לי-מייט) אין כעמיע — סובלימירען, פערוואנדלען א סאלידען קערפער אין דאמפף און דיעזען דאמפף דורך אבקיהלונג פערוואנדלען צוריק אין הארטען אדער סאלידען שטאף, כדי דער קערפער זאל אבגעריינינגט ווערען פון די פסלת; פערפיינערען, ריינינגען, ערהויבען, אידעאליזירען; סובלימירט; געריינינגט, ערפיינערט; ערהויבען; א סובלימאט, עפעס וואס בעקומט זיך דורך סובלימירען.

sublima'tion *n.* (סאב-לי-מיי'-שאן) אין כעמיע — סובלימאציאן [א פראצעס אבצוריינינגען א סאלידען קערפער פון פסלת, ביי וועלכען דער קערפער ווערט פערוואנדעלט דורך היץ אין דאמפף, און דיעזער דאמפף ווערט דורך אבקיהלונג צוריק פערוואנדעלט אין הארטען שטאף]; די פערפיינערונג, די ריינינגונג; זעהר א פיינע געריינינגטע זאך.

sublima'tion the'ory (סאב-לי-מיי'-שאן טהי'-א-רי) אין געאלאגיע — די סובלימאציאנס־טעאריע [די טעאריע, אז די מעטאל־אדערען אין דער ערד האבען זיך געבילדעט פון אבגעקיהלטען מעטאל־דאמפף וואס שטראמט פון די צווישמאלצענע מינעראל־מאסען אינוועניג אין דער ערד].

sub'limatory *a. and n.* (סאב'-לי-מיי-טא-רי) וואס סובלימירט; וואס ווערט בענוצט אין סובלימאציאן; דאס סובלימיר־געפעס, א כלי פאר סובלימאציאן. ז. *sublimation*

sublime' *a., n. and v.* (סאב-לאים') דערהויבען, הויך; פראמינענט, אנגעזעהן, עמינענט; גרויסארטיג, פרעכטיג, פיין, הערליך, נאבעל; ערהאבען, הויכמוטיג, שטאלץ; אין אנאטאמיע — ארויסשטארצענד, בולט; דאס ערהאבענע; דאס אויסגעצייכענטע, דער ערהאבענער סטיל [אין רעדען אדער שרייבען]; דערהויבען; מאכען הויך אדער אנגעזעהן; רייניגען, פערפיינערען, אידעאליזירען; אין כעמיע — סובלימירט ווערען, דורכגעהן דעם פראצעס פון סובלימאציאן. ז. *sublimation*

sublime'ly *adv.* (סאב-לאים'-לי) אויף אן ערהאבענער ארט.

sublime'ness *n.* (סאב-לאים'-נעס) ערהאבענקייט, הויכקייט, אויסגעצייכענטקייט, פארטרעפליכקייט.

Sublime' Porte (סאב-לאים' פאורט) די הויכע פארטע [די טערקישע רעגיערונג].

subli'mer *n.* (סאב-לאי'-מער) א סובלימער, אן אפאראט, דורך וועלכען עס ווערט געמאכט דער פראצעס פון סובלימאציאן. ז. *sublimation*

sublim'inal *a.* (סאב-לים'-אי-נעל) פערבארגען, ניט ארויסגעבראכט [וועגען אן עמפפינדונג, וועלכע איז ניט אריין אין בעוואוסטזיין].

sublim'ity *n.* (סאב-לים'-אי-טי) ערהאבענקייט, גרויסארטיגקייט, פיינקייט; גרויסקייט, מאיעסטעטישקייט; דער העכסטער פונקט פון דערגרייכונג: דער אדער דאס וואס איז זעהר געאכטעט.

sublinea'tion *n.* (סאב-לינ-אי-איי'-שאן) דאס מאכען א שטריך פון אונטען [אונטער א ווארט]; דאס אונטערשטרייכען.

sublin'gual *a.* (סאב-לינ'-גהוועל) וואס געפינט זיך אונטער דער צונג.

sublit'toral *a.* (סאב-ליט'-א-רעל) וואס לעבען אונטער'ן ברעג אדער נידריגער פון דער ברעג־ליניע [וועגען וואסער־בעשעפענישען]; וואס האלטען זיך ביים ברעג.

sublu'nar *a.* (סאב-לו'-נאר) וואס געפינט זיך אונטער דער לבנה.

sub'lunary *a.* (סאב'-לו-נע-רי) וואס געפינט זיך אונטער דער לבנה; ערדיש, וועלטליך.

sublux'ate *v.* (סאב-לאק'-סייט) טיילווייז אויסלינקען.

subluxa'tion *n.* (סאב-לאק-סיי'-שאן) א טיילווייזער לונק.

submam'mary *a.* (סאב-מעמ'-ע-רי) וואס ליעגט אונטער דער ברוסט. ז. *inframammary*

sub'manufacturer *n.* (סאב'-מענ-יו-פעק-טשור-ער) א פאבריקאנט וואס פאבריצירט סחורה פאר אן אנדער פאבריקאנט.

submarine' *a. and n.* (סאב-מע-רין') אונטער'ן מעער, אונטער'ן וואסער; וואס געפינט זיך אדער וואס האלט זיך אונטער'ן וואסער; א טהיער אדער פלאנצע וואס געפינט זיך אונטער'ן וואסער; א שיף וואס געהט אונטער'ן וואסער. ז. *submarine boat*

submarine' boat (סאב-מע-רין' באוט) א שיף, וואס איז אזוי געבויט, דאס זי קען געהן אונטער'ן וואסער [ווערט געברויכט אין א פלאטע ארויסצולאזען מינען אונטער דעם שונא'ס קריעגס־שיפען].

Submarine Boat

submarine' plants (סאב-מע-רין' פלענטס) פלאנצען וואס וואקסען אין ים אדער אונטער'ן וואסער.

submaxil'la *n.* (סאב-מעק-סיל'-א) דער אונטערשטער קינבאק.

submax'illary *n. and a.* (סאב-מעק'-סי-לע-רי) דער אונטערשטער קינבאק; וואס איז שייך צום אונטערשטען קינבאקביין.

submax'illary gland (סאב-מעק'-סי-לע-רי גלענד) די דריזע אונטער דעם אונטערשטען קינבאק, וועלכע טיילט אוים פון זיך שפייעכץ.

subme'dial *a.* (סאב-מי'-די-על) ז. *submedian*

subme'dian *a.* (סאב-מי'-די-ען) וואס ליעגט ביים מיטען פון עפעס.

subme'diant *n.* (סאב-מי'-די-ענט) אין מוזיק — די אונטערמעדיאנטע [די זעקסטע נאטע פון א גאמע אדער סקאלא].

submen'tal *a.* (סאב-מענ'-טעל) וואס געפינט זיך אונטער דער מארדע אדער קין.

submerge' *v.* (סאב-מוירדזש') פערפלייצען, פערטרינקען; אונטערטונקען, אונטערטויכען.

submer'gence *n.* (סאב-מויר'-דזשענס) דאס אונטערטונקען אדער אונטערטויכען; א פערפלייצונג.

submersed' *a.* (סאב-מוירסט') אין באטאניק — וואס וואקסט אונטער'ן וואסער [וועגען געוויסע פלאנצען].

submer'sion *n.* (סאב-מויר'-שאן) דאס אונטערטונקען, דאס אונטערטויכען.

submetal'lic *a.* (סאב-מע-טעל'-איק) ניט פאלקאם מעטאליש.

submis'sion *n.* (סאב-מיש'-אן) אונטערווארפונג, דעמיטהיגקייט; אונטערטעניגקייט; הכנעה; געהארכזאמקייט; אין געזעצגעבונג — אן איינשטימונג פון צוויי שטרייטענדע צדדים איבערצוגעבען זייער שטרייט־פראגע צו בוררים אדער צו א פשרה־געריכט.

submiss'ive *a.* (סאב-מיס'-איוו) אונטערטעניג, געהארכזאם, אונטערגעווארפען; דעמיטהיג, הכנעה'דיג.

submiss'ively *adv.* (סאב-מיס'-איוו-לי) אויף אן אונטערטעניגען אדער הכנעה'דיגען שטייגער.

submiss'iveness *n.* (סאב-מיס'-איוו-נעס) אונטערטעניגקייט, אונטערווארפענקייט; געהארכזאמקייט, הכנעה'דיגקייט.

submit' *v.* (סאב-מיט') אונטערווארפען, אונטערגעבען; פארלעגען [צום ענטשיידען]; זיך אונטערגעבען, זיך אונטערווארפען; ערקלערען.

submit'ter *n.* (סאב-מיט'-ער) איינער וואס גיט זיך אונטער; א נאכגעבער; איינער וואס אונטערווארפט זיך; איינער וואס גיט איבער צום ענטשיידען [א פראגע, א שטרייט א. ז. וו.].

submontagne' *a.* (סאב-מאנ-טיין') ז. *submontane*

submon'tane *a.* (סאב-מאנ'-טיין) וואס איז ביים אונטער־טייל פון א בארג.

submul'tiple *n.* and *a.* (סאב-מאל'-טיפל) א צאהל, אויף וועלכער אן אנדער צאהל טיילט זיך אהן אן רעשט [ווי למשל, די צאהל 7, אויף וועלכער 28 טיילט זיך אהן א רעשט]; וואס טיילט אן אנדער צאהל אהן א רעשט [וועגען א צאהל].

submun'dane *a.* (סאב-מאנ'-דיין) וואס געפינט זיך אונטער דער וועלט; אונטערערדיש.

submus'cular *a.* (סאב-מאס'-קיו-לאר) וואס געפינט זיך אונטער א מוסקול.

subnarcot'ic *a.* (סאב-נאר-קאט'-איק) עטוואס נאראקטיש, בעטויבענד אדער איינשלעפערענד.

subna'sal *a.* (סאב-ניי'-זעל) וואס געפינט זיך אונטער דער נאז.

subnas'cent *a.* (סאב-נעס'-ענט) וואס וואקסט פון אונטען; וואס וואקסט אונטער עפעס.

subnat'ural *a.* (סאב-נעטש'-יו-רעל) אונטער-נאטירליך; נידריגער ווי דער חומר.

subni'trate *n.* (סאב-נאי'-טרייט) אין כעמיע — א באזישער ניטראט [ניט קיין פאלקאמענער ניטראט, וואס קען אין זיך ארייננעמען נאך סאלפעטער-זויערע, אום צו ווערען א נארמאלער ניטראט]. ז. *nitrate*

subnor'mal *a.* (סאב-נאהר'-מעל) וועניגער ווי נארמאל; אין מאטעמאטיק — אבגעשניטען דורך א פערפענדיקולארער ליניע.

subnormal'ity *n.* (סאב-נאהר-מעל'-אי-טי) דאס זיין אונטער-נארמאל אדער וועניגער ווי נארמאל.

subnota'tion *n.* (סאב-נא-טיי'-שאן) א רעסקריפט, א בריעפליכער ענטפער פון א פאפסט אדער פירסט. ז. *rescript*

subnude' *a.* (סאב-ניוד') כמעט נאקעט, כמעט אהן בלעטער [וועגען פלאנצען].

subobscure' *a.* (סאב-אב-סקיור') עטוואס דונקעל, עטוואס פינסטער.

subobscure'ly *adv.* (סאב-אב-סקיור'-לי) פינסטערליך, עטוואס דונקעל.

subobtuse' *a.* (סאב-אב-טיוס') עטוואס טעמפ, ניט זעהר שפיציג.

suboccip'ital *a.* (סאב-אק-סיפ'-אי-טעל) וואס ליעגט אונטער דעם הינטער-טייל פון קאפ; וואס ליעגט אונטער דער פאטילניצע.

subocean'ic *a.* (סאב-או-שי-ענ'-איק) וואס ליעגט אדער געפינט זיך אונטער'ן אקעאן.

sub'octave *n.* (סאב'-אק-טייוו) אן אכטעל; די אונטערשטע אקטאווע [אין מוזיק].

suboc'tuple *a.* (סאב-אק'-טיופל) וואס ענטהאלט אן אכטעל פון עפעס.

suboc'ular *a.* (סאב-אק'-יו-לאר) וואס געפינט זיך אונטער'ן אויג.

subop'tic *a.* (סאב-אפ'-טיק) ז. *suborbitar*

subo'ral *a.* (סאב-או'-רעל) וואס געפינט זיך אונטער'ן מויל.

suborbic'ular *a.* (סאב-אהר-ביק'-יו-לאר) עטוואס קרייזפערמיג; כמעט רונד.

suborbic'ulate *a.* (סאב-אהר-ביק'-יו-לייט) ז. *suborbicular*

subor'bitar *a.* (סאב-אהר'-בי-טאר) וואס געפינט זיך אונטער'ן אויגען-לאך; וואס געפינט זיך אונטער'ן אויג.

sub'order *n.* (סאב'-אהר-דער) אן אונטער-קלאס פון חיות אדער פלאנצען; די ערשטע טיילונג פון א קלאס אדער גאטונג; אין ארכיטעקטור — דעקאראציאנס-זיילען פון אן איינפאכערער פארם אין פערגלייך מיט די הויפט-זיילען.

subor'dinate *a., n.* and *v.* (סאב-אהר'-די-נייט) אונטערגעארדענט, אונטערגעווארפען, אבהענגיג; קלענער, נידריגער [אין מאכט, אין ראנג א. ז. וו.]; אן אונטערגעארדענטער; אן אונטערגעארדענטעס ווארט [אין גראמאטיק]; איינער וואס איז נידריגער פאר'ן צווייטען אין אמט אדער ראנג; אונטערארדנען; מאכען אדער בעטראכטען אלס וועניגער וויכטיג; אונטערווארפען אונטער איינעמס רשות אדער השגחה.

subor'dinately *adv.* (סאב-אהר'-די-נייט-לי) אויף אן אונטערגעווארפענעם, אבהענגיגען אדער אונטערגעארדענטען אופן.

subor'dinateness *n.* (סאב-אהר'-די-נייט-נעס) אונטערגעארדענטקייט; אבהענגיגקייט, אונטערווארפענקייט.

subordina'tion *n.* (סאב-אהר-די-ניי'-שאן) די אונטערארדנונג, די אבהענגיגקייט, די אונטערווארפענקייט; דאס זיין נידריגער אין אמט אדער ראנג.

subordina'tionism *n.* (סאב-אהר-די-ניי'-שאנ-איזם) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — די לעהרע, אז די צווייטע און דריטע פערזאן פון דער דריי-איינינגקייט, ד. ה. "גאט דער זוהן" און "גאט דער הייליגער גייסט" זיינען נידריגער איידער די ערשטע פערזאן "גאט דער פאטער".

subor'dinative *a.* (סאב-אהר'-די-ניי-טיוו) וואס אונטערארדענט; וואס ווארפט אונטער; וואס דריקט אוים אבהענגיגקייט; וואס איז וויליג זיך צו אונטערווארפען.

suborn' *v.* (סאב-אהרן') פערשאפען אדער בעקומען עפעס אויף אן אונגעזעצליכען וועג; צורעדען איינעם צו בעגעהן אן אונגעזעצליכע טהאט.

suborna'tion *n.* (סאב-אהר-ניי'-שאן) דאס פערשאפען אדער קריעגען עפעס אויף אן אונגעזעצליכען וועג; דאס אנרעדען איינעם צו טהאן אן אונגעזעצליכע טהאט.

suborna'tion of per'jury (סאב-אהר-ניי'-שאן אוו פויר'-דזשו-רי) דאס אונטערקויפען אן עדות צו שווערען פאלש.

subor'ner *n.* (סאב-אהר'-נער) איינער וואס רעדט צו אן אנדערען צו אן אונגעזעצליכער טהאט; איינער וואס קויפט אונטער אן עדות צו שווערען פאלש.

subo'val *a.* (סאב-או'-וועל) עטוואס אוואל; כמעט איי-פערמיג.

subo'vate *a.* (סאב-או'-וייט) בייניאהע איי-פערמיג.

subo'void *a.* (סאב-או'-וואיד) ז. *subovate*

subpar'allel *a.* (סאב-פער'-ע-לעל) כמעט פאראלעל.

subpedun'culate *a.* (סאב-פי-דאנ'-קיו-לייט) וואס האט א זעהר קורצען שטענגעל [וועגען פלאנצען]; וואס וואקסט פון א זעהר קורצען בלומען-שטענגעל.

subpellu'cid *a.* (סאב-פע-ליו'-סיד) כמעט דורכזיכטיג.

subpe'na *n.* and *v.* (סאב-פי'-נא) ז. *subpœna*

subper'manent *a.* (סאב-פויר'-מע-נענט) כמעט פערמאנענט, וואס האלט אן פאר א לאנגער צייט אבער ווערט ביסלעכווייז שוואכער און שוואכער.

subpet'iolate *a.* (סאב-פעט'-אי-א-לייט) אין באטאניק — מיט א זעהר קורצען בלאט-שטענגעל.

subpœ'na *n.* and *v.* (סאב-פי'-נא) א פארלאדונג פאר'ן געריכט; א שריפטליכע אויפפאדערונג צו ערשיינען אין געריכט אדער צו אן אפיציעלען אונטערזוכונגס-קאמיטעט צו א בעשטימטער צייט; איבערגעבען א שריפטליכע אויפפאדערונג צו ערשיינען פאר'ן געריכט אדער פאר אן אפיציעלען אונטערזוכונגס-קאמיטעט.

subpo'lar *a.* (סאב-פאו'-לאר) אונטער דעם זיד אדער נארד-פאל פון דער ערד; נאהענט צום פאל.

sub'prefect *n.* (סאב'-פרי-פעקט) אן אונטער-פרעפעקט, א געהילף פון א פרעפעקט. ז. *prefect*

sub'principal *n.* (סאב'-פרינ-סי-פעל) אן אונטער-דירעקטאר [אין א שול].

sub'prior *n.* (סאב'-פראי-אר) אן אונטער-פריאר, א געהילף פון א פריאר [אויפזעהער פון א מאנאסטיר].

sub'purchaser *n.* (סאב'-פויר-טשע-סער) א קויפער פון צווייטער האנד, א קויפער וואס קויפט ביי אן אנדער קויפער.

subquad'rate *a.* (סאב-קהוואד'-רייט) כמעט קוואדראטיש, כמעט פיער-עקיג.

subquad'ruple *a.* (סאב-קהוואד'-רופל) וואס ענטהאלט א פיערטעל פון עפעס; אין דער פראפארציאן פון 1 צו 4.

subquin'tuple *a.* (סאב-קהווינ'-טיופל) וואס ענטהאלט א פינפטעל פון עפעס; אין דער פראפארציאן פון 1 צו 5.

subra'mose *a.* (סאב-ריי'-מאוס) אין באטאניק — עטוואס פערצווייגט; וואס האט א ביסעל צווייגלעך.

subra'mous *a.* (סאב-ריי'-מאס) ז. *subramose*

sub'rector *n.* (סאב'-רעק-טאר) א סוב-רעקטאר, א געהילף פון א רעקטאר אין א שול אדער אוניווערזיטעט.

subrig'id *a.* (סאב-רידזש'-איד) עטוואס הארט אדער שטייף.

subri'sion *n.* (סאב-ריזש'-אן) דאס שמייכלען.

subri'sive *a.* (סאב-ראי'-סיוו) שמייכלענד.

sub'rogate *v.* (סאב'-רא-גייט) אוועקשטעלען אויף דעם פלאץ פון אן אנדערען אדער פון עפעס אנדערש; דאס אוועקשטעלען אנשטאט אימעצען אדער עפעס.

subroga'tion *n.* (סאב-רא-גיי'-שאן) דאס שטעלען אויף אימעצענס ארט; דאס אוועקשטעלען אנשטאט אימעצען אדער עפעס.

sub ro'sa (סאב ראו'-זא) פריוואט, ניט עפענטליך.

subsaline' *a.* (סאב-סע-לאין') שוואך געזאלצען.

sub'salt *n.* (סאב'-סאהלט) א באזישעס זאלץ [א זאלץ, וואו די זויערע איז וועניגער ווי נארמאל].

subsat'urated *a.* (סאב-סעטש'-יו-ריי-טעד) ניט פאלשטענדיג אנגעזאפט.

subsatura'tion *n.* (סאב-סעטש-יו-ריי'-שאן) א ניט פאלשטענדיגע אנזאפונג.

subscap'ular *a.* and *n.* (סאב-סקעפ'-יו-לאר) וואס געפינט זיך אונטער דעם אקסעל-ביין; א נערוו, אן אדער אדער מוסקול וואס געפינט זיך אונטער דעם אקסעל-ביין.

subscap'ulary *a.* (סאב-סקעפ'-יו-לע-רי) וואס געפינט זיך אונטער'ן אקסעל-ביין.

subscri'bable *a.* (סאב-סקראי'-בעבל) וואס מען קען זיך אונטער דעם אונטערשרייבען אדער זיך חתמנ'ען; וואס מען קען זיך דארויף אבאנירען.

subscribe' *v.* (סאב-סקראיב') 1. זיך אונטערשרייבען, זיך חתמנ'ען; 2. צושטימען, גיבען א צושטימונג; 3. ארויפשטע-

לען דעם נאמען אויף א סובסקריפציאנס־ליסטע, זיך פערפליכטען עפּעס בייצושטייערען; בײשטייערען; 4. זיך אבאנירען, זיך פערפליכטען צו נעהמען [פּעריאדישע אויסגאבען, ביכער אין א לייה־ביבליאטעק, אקציעס א. ז. וו.].

2. We can all subscribe to your good advice. 3. Let us each subscribe to the relief fund. 4. The firm subscribed for a large portion of the stock issue.

subscri'ber *n.* (סאב-סקראי'-בער) 1. אן אונטערצייכנער, אן אונטערשרייבער; 2. אן אבאנענט; 3. א בײשטייערער אויף א ליסטע [פון נדבות], א בײשטייערער.

2. He is one of the oldest subscribers of the weekly edition of the paper. 3. Mr. Brown was the largest subscriber to the hospital fund.

sub'script *a.* and *n.* (סאב'-סקריפּט) גע־שריבען פון אונטען [ווי למשל, דער גריכישער בוכשטאב *i* וואס ווערט געשריבען אונטער אן אנדער בוכשטאב]; עטוואס וואס איז געשריבען אונטען.

subscrip'tion *n.* (סאב-סקריפּ'-שאן) אן אונטערשריפט; דאס אבאנעמענט [די פערפליכטונג צו נעהמען א צייטונג, א בוך א. ז. וו.]; א סובסקריפּציאנס־סומע, א פערשפּראכענע בײשטייערונג; א פערפליכטונג.

subscrip'tive *a.* (סאב-סקריפּ'-טיוו) וואס איז שייך צו אן אונטערשריפט.

sub'section *n.* (סאב'-סעק-שאן) אן אונטער־אבטיילונג [א טייל פון אן אבטיילונג].

subsec'utive *a.* (סאב-סעק'-יו-טיוו) פאלגענד, נאכפאלגענד [אין רייהע, אין ארדנונג].

subsel'lium *n.* (סאב-סעל'-אי-אם) א מין הייננענדער שטוהל [אין די פּראצייטיגע קירכען]. ז. *miserere*.

subsen'sible *a.* (סאב-סענ'-סיבל) וואס איז צו טיעף פאר די עמפּפינדונגען; וואס איז צו טיעף מען זאל עס קענען בענעהמען מיט די חושים.

subsep'tuple *a.* (סאב-סעפּ'-טיופּל) וואס ענטהאלט א זיבענט־חלק, וואס איז א זיבענטעל.

sub'sequence *n.* (סאב'-סי-קהווענס) נאכפאלגונג; דאס נאכפאלגען; א נאכפאלגע.

sub'sequency *n.* (סאב'-סי-קהווענ-סי) ז. *subsequence*.

sub'sequent *a.* (סאב'-סי-קהווענט) פאלגענד, נאכפאלגענד; שפּעטערדיג; וואס קומט אלס פאלגע אדער אלס פועל יוצא.

sub'sequently *adv.* (סאב'-סי-קהווענט-לי) פאלגענדיג; נאכהער, שפּעטער.

subse'rous *a.* (סאב-סי'-ראס) א בײסעל וואסערדיג; וואס געפינט זיך אונטער א סערום־הייטעל [ז. *serum*].

subserve' *v.* (סאב-סורוו') דיענען [אין אן אונטערגעארדנעטער שטעלונג]; זיין בעהילפליך; ווירקען פאר עפּעס, ניצליך זיין פאר עפּעס.

subser'vience *n.* (סאב-סויר'-ווי-ענס) ניצליכקייט, דיענליכקייט, בעהילפליכקייט, מיטווירקונג; דיענסטבארקייט, אונטערגעווארפענקייט.

subser'viency *n.* (סאב-סויר'-ווי-ענ-סי) ז. *subservience*.

subser'vient *a.* (סאב-סויר'-ווי-ענט) דיענליך, בעהילפליך, ניצליך, מיטווירקענד; אונטערגעווארפען.

subser'viently *adv.* (סאב-סויר'-ווי-ענט-לי) דיענליך, בעהילפליך, ניצליך; מיט אונטערווארפענהייט.

subsesquial'terate *a.* (סאב-סעס-קהווי-על'-טער-אייט) וואס איז אין דער בעציהונג פון 2:3 אדער $\frac{2}{3}$.

subsesquiter'tial *a.* (סאב-סעס-קהווי-טויר'-שעל) וואס איז אין דער בעציהונג פון 3:4 אדער $\frac{3}{4}$.

subses'sile *a.* (סאב-סעס'-איל) ניט גאנץ דירעקט פערבונדען [ווענען קערפּער־טיילען אדער פלאנצען־טיילען]. ז. *sessile*.

subsex'tuple *a.* (סאב-סעקס'-טיופּל) וואס ענטהאלט איין זעקסט־חלק, וואס איז אין דער בעציהונג פון 1 צו 6.

subside' *v.* (סאב-סאיד') 1. זינקען; פאלען; זיך אבזעצען [אין א פליסיגקייט]; 2. זיך בערוהיגען, זיך איינשטילען, אויפהערען, נאכלאזען.

2. The storm subsided.

sub'sidence *n.* (סאב'-סי-דענס) דאס פאלען, דאס זינקען, דאס אבזעצען זיך; בערוהיגונג, איינשטילונג, אויפהערונג, נאכלאזונג.

sub'sidency *n.* (סאב'-סי-דענ-סי) ז. *subsidence*.

subsid'iarily *adv.* (סאב-סיד'-אי-ע-רי-לי) מיטהעלפענדיג, בעהילפליך.

subsid'iary *a.* and *n.* (סאב-סיד'-אי-ע-רי) 1. געהאלטען אין רעזערוו; 2. מיטהעלפענד, בעהילפליך; 3. צוגעגעבען, זייטיג, נעבענזעכליך; 4. וואס איז שייך צו א סובסידיע [ז. *subsidy*]; 5. א מיטהעלפער, א בײשטייערער; 6. אן אונטערגעארדנעטער טייל פון א מוזיקאלישען ווערק.

1. The campaign halted for lack of subsidiary troops. 2. The ritual can only be subsidiary to the spirit of worship. 3. The Mississippi has many subsidiary streams.

subsid'iary quan'tity (סאב-סיד'-אי-ע-רי קהוואנ'-טי-טי) אין מאטעמאטיק — א זייטיגע צאהל, וואס ווערט אריינגעבראכט אום צו העלפען דער לעזונג פון א פּראבלעם.

subsid'iary stream (סאב-סיד'-אי-ע-רי סטריעם) א נעבען־פלוס [א טייך וואס פאלט אריין אין אן אנדער טייך].

subsid'iary sym'bol (סאב-סיד'-אי-ע-רי סימ'-באל) אין מאטעמאטיק — א זייטיגער סימבאל אדער צייכען וואס ווערט אריינגעבראכט אום צו העלפען דער לעזונג פון א פּראבלעם.

subsid'iary trea'ty (סאב-סיד'-אי-ע-רי טריע'-טי) א סובסידיע־אבמאך [אן אבמאך צווישען צוויי רעגיערונגען, אז איינע זאל צאהלען דער צווייטער א געוויסע סומע געלד אויף צו פיהרען מלחמה אדער פאר איהר נייטראליטעט].

subsid'iary troops (סאב-סיד'-אי-ע-רי טרוהפּס) הילפס־טרופּען [אן ארמעע וואס איין רעגיערונג דינגט ביי א צווייטער].

sub'sidise *v.* (סאב'-סי-דאיז) ז. *subsidize*.

sub'sidize *v.* (סאב'-סי-דאיז) סובסידירען, געבען געלד־שטיצע; קויפען איינעמס הילף פאר געלד; אונטערקויפען.

sub'sidy *n.* (סאב'-סי-די) א סובסידיע [געלד־שטיצע; א סומע געלד וואס איין רעגיערונג צאהלט א צווייטער פאר איהר נייטראליטעט אדער אלס בײשטייערונג פאר מלחמה־אויסגאבען; געלד־שטיצע פון א רעגיערונג פאר פּריוואט־אונטערנעהמער, ווי אייזענבאהן־געזעלשאפטען, שיפס־געזעלשאפטען א. ז. וו.].

subsist' *v.* (סאב-סיסט') עקזיסטירען; לעבען; זיך ערנעהרען, ערנעהרען, בעזארגען מיט חיונה; בעשטעהן פון...

subsis'tence *n.* (סאב-סיס'-טענס) עקזיסטענץ; דאס פארהאנדענזיין; אייגענטימליכקייט; דאס בעשטעהן פון..., בעשטאנד; ערנעהרונג, לעבענסמיטעל, פּראוויאנט.

subsis'tence depart'ment (סאב-סיס'-טענס די-פּארט'-מענט) דער פּראוויאנט־דעפּארטאמענט [דער דעפּארטאמענט פון דער מיליטער־פערוואלטונג אין די פערייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס פערזארגט די פּראוויזיעס פאר דער ארמעע].

subsis'tence di'et (סאב-סיס'-טענס דאי'-עט) די קלענסטע מאס שפּייז וואס איז נויטיג פאר'ן געזונד.

subsis'tence stores (סאב-סיס'-טענס סטאורז) מיליטער־פּראוויאנטען.

subsis'tency *n.* (סאב-סיס'-טענ-סי) ז. *subsistence*.

subsis'tent *a.* (סאב-סיס'-טענט) עקזיסטירענד; פארהאנדען; לעבענד; בעשטעהענד; אייגענטימליך.

subsisten'tial *a.* (סאב-סיס-טענ'-שעל) וואס איז שייך צו עקזיסטענץ; וואס איז שייך צו דער אייגענטימליכקייט; וואס איז שייך צו די געטליכע איינגעשאפטען.

subsis'ter *n.* (סאב-סיס'-טער) איינער וואס לעבט אדער ערנעהרט זיך; איינער וואס לעבט פון פרעמדע חסדים.

sub'sizar *n.* (סאב'-סאי-זאר) א סטודענט וואס איז נידריגער אין שטעלונג ווי א סיזאר. ז. *sizar*.

sub'sizer *n.* (סאב'-סאי-זער) ז. *subsizar*.

sub'soil *n.* and *v.* (סאב'-סאיל) דער אונטערגרונד, דער אונטער־באדען; אויפאקערען דעם אונטער־באדען, טיעף אקערען.

sub'soiler *n.* (סאב'-סאי-לער) איינער וואס אקערט טיעף אדער אקערט אויף דעם אונטער־באדען; א פלוג צום אקערען זעהר טיעף.

subso'lar *a.* (סאב-סאו'-לאר) וואס געפינט זיך אונטער דער זון.

sub'species *n.* (סאב'-ספּי-שיעז) אן אונטער־גאטונג [אן אבטיילונג פון א גאטונג].

sub'sphere *n.* (סאב'-ספיער) א ניט אין גאנצען רונדער קערפּער.

subspher'ical *a.* (סאב-ספער'-אי-קעל) ניט אין גאנצען קוגעל־פערמיג.

sub'stance *n.* (סאב'-סטענס) די סובסטאנץ, דער עצם, דאס אונבעוואוסטע "עפּעס", וואס איז דער אונפערענדערליכער יסוד פון יעדער פערענדערליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית; אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — דער געטליכער עצם, וואס איז געמיינשאפטליך אין אלע דריי פּערזאנען פון דער הייליגער דריי־איינינקייט; דער עיקר, דער רעכטער אינהאלט; דער הויפּט־געדאנק פון א רעדע אדער שריפט; דער יסוד; דער שטאף, דער מאטעריאל פון עפּעס; איינער פון די כעמישע עלעמענטען, פון וועלכע אלע קערפּער זיינען צוזאמענגעשטעלט; רייכטום, פערמעגען, וואהלהאבענקייט.

sub'stanceless *a.* (סאב'-סטענס-לעס) אהן בעשטאנד, אהן דעם עיקר, אהן אן אינהאלט.

substan'tial *a.* and *n.* (סאב-סטענ'-שעל) סובסטאנציעל, וועזענטליך; רעאל, ווירקליך; ממשות'דיג; וואס קומט פון דעם ערשטען אריגינעלען שטאף; עכט; שטארק, פעסט, סאליד; וואהלהאבענד, פערמעגליך; חיבש, פון א היבשער גרויס;

זעהר בעדייטענד, וויכטיג; דאס סובסטאנציעלע, דאס ווירקליכע, דאס ממשותדיגע; דאס וואס האט א פראקטישען ווערטה; דער וויכטיגסטער טייל פון עפעס.

substan'tial be'ing (סאב-סטענ'-שעל בי'-אינג) א סובסטאנציעלעס וועזען, א זאך וואס עקזיסטירט אין זיך און איז קיין אנדער סובסטאנץ אויסער אין זיך [ווי א אינדיווידועלע פערזאן].

substan'tial form (סאב-סטענ'-שעל פארם) אין פילאזאפיע — די סובסטאנציעלע פארם, די פארם אדער די טבע, וועלכע גיט צו צו א אינדיווידועלער סובסטאנץ איהר ספעציפישען כאראקטער [ווי די שכל'דיגע נשמה איז די סובסטאנציעלע פארם פון מענשען].

substan'tialism *n.* (סאב-סטענ'-שעל-איזם) סובסטאנציאליזם, די לעהרע, אז הינטער די פענאמענען [ערשיינונגען], וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, עקזיסטירען רעאלע סובסטאנצען, וועלכע זיינען די יסודות פון די פענאמענען [ערשיינונגען].

substan'tialist *n.* (סאב-סטענ'-שעל-איסט) א אנהענגער פון סובסטאנציאליזם. ז. ***substantialism***

substantial'ity *n.* (סאב-סטענ-שי-על'-אי-טי) דאס זיין סובסטאנציעל; די ווירקליכקייט. די קערפערליכקייט: די פעסטקייט, די שטארקייט; ממשות.

substan'tialize *v.* (סאב-סטענ'-שעל-איז) מאכען סובסטאנציעל, זאכליך אדער וועזענטליך.

substan'tially *adv.* (סאב-סטענ'-שעל-אי) אויף א סובסטאנציעלען שטייגער: מיט פעסטקייט, מיט ממשות, מיט שטארקייט.

substan'tial mea'ning (סאב-סטענ'-שעל מיע'-נינג) די הויפט=בעדייטונג, דער הויפט=אינהאלט.

substan'tialness *n.* (סאב-סטענ'-שעל-נעס) דאס זיין סובסטאנציעל. ז. ***substantial***

substan'tiate *v.* (סאב-סטענ'-שי-אייט) בעפעסטיגען, מאכען שטאנדהאפט אדער דויערהאפט: בעווייזען מיט זיכערע ראיות; מאכען רעאל אדער ווירקליך.

substantia'tion *n.* (סאב-סטענ-שי-איי'-שאן) דאס צוגעבען בעשטאנד צו עפעס; דאס בעפעסטיגען עפעס מיט זיכערע ראיות.

substanti'val *a.* (סאב-סטענ-טאי'-וועל) זעלבסט=עקזיסטירענד, אונאבהענגיג; וואס איז שייך צו א סובסטאנטיוו. ז. ***substantive***

sub'stantive *a. and n.* (סאב'-סטענ-טיוו) סובסטאנטיוו, וואס בעצייכענט דאס זיין אדער בעשטעהן פון עפעס; טהאטזעכליך בעשטעהענד; וועזענטליך; וואס עקזיסטירט אן=און=פיר=זיך; אונאבהענגיג פון עפעס אנדערש; סובסטאנציעל, סאליד, דויערהאפט, רעאל, פעסט; אין גראמאטיק — וואס איז שייך צו א סובסטאנטיוו; דאס סובסטאנטיוו, א זאך=ווארט, א הויפט=ווארט, דער נאמען פון א זאך.

sub'stantive col'ors (סאב'-סטענ-טיוו קאל'-ארז) ביי פארבען וואל און אנדערע שטאפען — די פארבען, וועלכע שטעהען צו צו די שטאפען אהן דער הילף פון בייץ=שטאפען ז. ***mordant***

sub'stantively *adv.* (סאב'-סטענ-טיוו-לי) אין גראמאטיק — אלס זאך=ווארט, אין דעם זין פון א סובסטאנטיוו [הויפט=ווארט אדער זאך=ווארט]; אויף א טהאטזעכליכען, וועזענטליכען אופן.

sub'stantivize *v.* (סאב'-סטענ-טי-וואיז) בענוצען אלס א סובסטאנטיוו [הויפט=ווארט אדער זאך=ווארט].

sub'stitute *v., n. and a.* (סאב'-סטי-טיוט) זעצען אנשטאט, געבען איין זאך אנשטאט אן אנדערער; א סובסטיטוט, א שטעלפערטרעטער; איין זאך וואס פערטרעט אן אנדערע; וואס פערבייט אן אנדערען; וואס איז געשטעלט געווארען אנשטאט אן אנדערען.

substitu'tion *n.* (סאב-סטי-טיו'-שאן) די סובסטיטוציאן, די שטעלפערטרעטונג; די שטעלונג פון איין זאך אנשטאט אן אנדערער.

substitu'tional *a.* (סאב-סטי-טיו'-שאנ-על) וואס קען דיענען אלס שטעלפערטרעטער; וואס קען געשטעלט ווערען אויף'ן פלאץ פון אן אנדערען אדער פון עפעס אנדערש.

substitu'tionally *adv.* (סאב-סטי-טיו'-שאנ-על-אי) דורך שטעלפערטרעטונג, דורך פערבייטען מיט אן אנדערען אדער מיט עפעס אנדערש.

substitu'tionary *a.* (סאב-סטי-טיו'-שאנ-ע-רי) ז. ***substitutional***

sub'stitutive *a.* (סאב'-סטי-טיו-טיוו) וואס קען זיין אנשטאט אן אנדערען; וואס קען דיענען אלס סובסטיטוט אדער שטעלפערטרעטער; וואס קען פערביטען ווערען דורך אן אנדערען אדער דורך עפעס אנדערש.

substract' *v.* (סאב-סטרעקט') ז. ***subtract***

substrac'tion *n.* (סאב-סטרעק'-שאן) ז. ***subtraction***

sub'strate *n.* (סאב'-סטרייט) די אונטערלאגע, די גרונדלאגע, עפעס וואס ליעגט אונטער אן אנדער זאך; אין פילאזאפיע — דאס סובסטראט, דער יסוד, די סובסטאנץ, דער "עפעס" פון א זאך, וועלכער טראגט איהרע אייגענשאפטען.

substra'tum *n.* (סאב-סטריי'-טאם) ז. ***substrate***

substruc'tion *n.* (סאב-סטראק'-שאן) אן אונטער=געבוי, אן אונטער=געביידע; א פונדאמענט.

sub'structure *n.* (סאב'-סטראק-טשור) א גרונדלאגע, א גרונד, א פונדאמענט, אן אונטער=געבוי.

sub'stylar *a.* (סאב'-סטאי-לאר) וואס איז שייך צו דער ליניע אויף דעם ציפערבלאט פון א זון=זייגער, אויף וועלכער עס געפינט זיך דער ווייזער.

sub'style *n.* (סאב'-סטאיל) די ליניע אויף דעם ציפערבלאט פון א זון=זייגער, אויף וועלכער עס שטעהט דער ווייזער.

subsul'tus *n.* (סאב-סאל'-טאס) דאס צוקען [פון די מוסקעלען]; א קאנוואולסיווע אדער קראמפפהאפטע בעוועגונג.

subsume' *v.* (סאב-סיום') סובסומירען, אריינברייגנען דאס בעזונדערע אין דאס אלגעמיינע; איינשליסען א פרט אין א כלל; קלאסיפיצירען עפעס אונטער א בעשטימטער קאטעגאריע.

subsump'tion *n.* (סאב-סאמפ'-שאן) סובסומציאן, דאס איינשליסען א פרט אין א כלל, דאס בעגרייפען א פרט אלס א פאלגע פון א כלל; אין לאגיק — דער צווייטער זאץ פון א סילאגיזם, וועלכער דריקט אויס א פרט אין א כלל [ווי למשל: 1) "אלע מענשען זיינען שטערבליך", 2) "ראובן איז א מענש", פאלגליך — 3) "ראובן איז שטערבליך"].

sub'surface *a.* (סאב'-סויר-פעס) וואס איז אונטער דער אויבערפלעכע.

sub'tack *n.* (סאב'-טעק) אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — אן ארענדע=קאנטראקט אויף א הויז אדער גוט, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון איינעם, וועלכער איז אליין אן ארענדאר אויף דעם הויז אדער גוט.

sub'tangent *n.* (סאב'-טענ-דזשענט) אין אנאליטישער געאמעטריע — א סובטאנגענטע [דער טייל פון דער אבסציסע וואס ווערט אבגעשניטען צווישען דער טאנגענטע און דער ארדינאטע פון א קרומער ליניע].

subtem'perate *a.* (סאב-טעמ'-פער-אייט) עטוואס קעלטער איידער דער געוועהנליכער קלימאט פון די מיטעלמעסיגע געגענדען אויף דער ערד.

sub'tenant *n.* (סאב'-טענ-ענט) אן אונטער=שכן, א שכן ביי א שכן.

subtend' *v.* (סאב-טענד') אין געאמעטריע — אויסציהען פון אונטען אדער אנטקעגען [א ווינקעל].
This side of the triangle **subtends** the right angle.

subtense' *n.* (סאב-טענס') אין געאמעטריע — א ליניע וואס ציהט זיך געגען א בויגען אדער געגען א ווינקעל.

subtep'id *a.* (סאב-טעפ'-איד) לעבליך, ווארמליך.

subterete' *a.* (סאב-טי-ריט') עטוואס רונד; עטוואס צילינדער=פערמיג.

subter'fluent *a.* (סאב-טויר'-פלו-ענט) אונטערפליסענד; וואס פליסט פון אונטען.

subter'fluous *a.* (סאב-טויר'-פלו-אס) ז. ***subterfluent***

sub'terfuge *n.* (סאב'-טער-פיודזש) די אויסמיידונג; די אויסווייכונג; דאס ארויסמאכען זיך מיט דריידלעך אדער תירוצים.

subter'minal *a.* (סאב-טויר'-מי-נעל) כמעט ביים ענד; ניט אין גאנצען ביים ענד.

subternat'ural *a.* (סאב-טער-נעטש'-יו-רעל) ז. ***subnatural***

subterposi'tion *n.* (סאב-טער-פא-זיש'-אן) אין געאלאגיע — דער סדר ווי די ערד=שיכטען ליעגען איינע אונטער די אנדערע; דאס ליעגען אונטער עפעס.

sub'terrane *a.* (סאב'-טע-ריין) ז. ***subterranean***

subterra'nean *a.* (סאב-טע-ריי'-ני-ען) אונטערערדיש, פון אונטער דער ערד.

subterra'neous *a.* (סאב-טע-ריי'-ני-אס) ז. ***subterranean***

subterra'neously *adv.* (סאב-טע-ריי'-ני-אס-לי) אויף אן אונטערערדישען שטייגער; אין געהיים; בסוד.

subterrene' *a.* (סאב-טע-רין') ז. ***subterranean***

subterres'trial *a.* (סאב-טע-רעס'-טרי-על) אונטערערדיש; וואס לעבט אונטער דער ערד.

sub'tile *a.* (סאב'-טיל) סובטיל, פיין, דעליקאט, דין, לופט=ארטיג, לייכט; ראפינירט, פערפיינערט: שארף, שניידענד; דורכדרינגענד, דורכנעהמענד דורך און דורך; געשיקט, פעהיג; קלוג, שארפזיניג; כיטרע.

sub'tilely *adv.* (סאב'-טיל-לי) מיט פיינקייט אדער צערטליכקייט; אויף א פיינער ארט; אויף א שארפען, שניידענדען אדער כיטרען שטייגער.

sub'tileness *n.* (סאב'-טיל-נעס) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט, צארטקייט; שארפקייט; כיטרעקייט.

subtilisa'tion *n.* (סאב-טי-לי-זיי'-שאן) ז. ***subtilization***

sub'tilise *v.* (סאב'-טי-לאיז) ז. ***subtilize***

sub'tilism *n.* (סאב'-טי-ליזם) דאס זיין סובטיל, דעליקאט, צארט, עדעל: דאס זיין ליסטיג, כיטרע.

subtil'ity *n.* (סאב-טיל'-אי-טי) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט, צארטקייט; א דינער אונטערשיידונגס-שטריך; א פיקאנטע זאך; חריפות; פלפול.

subtiliza'tion *n.* (סאב-טי-לי-זיי'-שאן) די פערפיינערונג, די דין-מאכונג; אין כעמיע — דאס פערוואנדלען אין דאמפף אדער פארע; דאס מאכען א דינע און שארפע אונטערשיידונג; פלפול, האר-שפאלטונג [אין א וכוח].

sub'tilize *v.* (סאב'-טי-לאיז) מאכען סובטיל, פערפיינערען, מאכען דין; מאכען שיטער; זיך מפלפל זיין, ארויסווייזען חריפות, שפאלטען האר [אין א ויכוח].

sub'tilizer *n.* (סאב'-טי-לאי-זער) איינער וואס פערפיינערט, וואס מאכט דין; א חריף אין פלפולים, א האר-שפאלטער.

sub'tilty *n.* (סאב'-טיל-טי) סובטילקייט, פיינקייט, דינקייט: שיטערקייט: פערפלאנטערונג, פערוויקלונג [פון א פראגע]; ליסטיגקייט, כיטרעקייט; חריפות, פלפול; געשיקטקייט, קענטשאפט פון עפעס.

sub'title *n.* (סאב'-טאיטל) דער נעבען-טיטעל, דער צווייטער נאמען פון א בוך, וועלכער שטעהט נעבען ערשטען נאמען [ווי למשל: "הנאהבים והנעימים אדער דער שווארצער יונגערמאנטשיק"]; דער נאמען פון א בוך וואס ווערט איבערגעדרוקט אויף'ן צווייטען בלאט נאך'ן שער-בלאט.

sub'tle *a.* (סאטל). 1. פיין, פערפיינערט, דין; 2. געשיקט [אין א מלאכה אדער קונסט]: 3. שארף, חריפות'דיג [אין געדאנק]: פלפול'דיג, מיט האר-שפאלטונג; 4. ליסטיג, כיטרע.

2. The work of the mediator requires **subtle** abilities. 3. He proved himself very **subtle** in the discussion. 4. He is too **subtle** to command the respect of his adversary.

sub'tleness *n.* (סאט'ל-נעס) פיינקייט, דינקייט; חריפות, שארפקייט [אין געדאנק]; געשיקטקייט [אין א מלאכה]; ליסטינקייט, כיטרעקייט.

sub'tlety *n.* (סאט'ל-טי) פיינקייט, דינקייט; שארפקייט פון געדאנק, חריפות; פערוויקלונג, פערפלאנטערונג פון א פראגע, פלפול, האר-שפאלטונג; ליסטינקייט, כיטרעקייט.

sub'tle-wit'ted *a.* (סאט'ל-הוויט'-עד) כיטרע-קלוג, שארפזיניג.

sub'tly *adv.* (סאט'-לי) אויף א פיינעם, דינעם שטייגער; אויף א געשיקטען אופן; מיט ליסטיגקייט, מיט כיטרעקייט.

subtract' *v.* (סאב-טרעקט') ארונטערנעהמען [א טייל פון א גאנצען]; ארּאבנעהמען, אבציהען, אראברעכנען.

subtrac'ter *n.* (סאב-טרעק'-טער) אן אראבציהער: איינער וואס רעכענט אראב פון א צאהל; אין אריפמעטיק — דער סובטראהענד, די צאהל וואס ווערט ארונטערגענומען פון אנדער צאהל אין חיסור.

subtrac'tion *n.* (סאב-טרעק'-שאן) די אראברעכנונג, די אראבנעהמונג [פון א צאהל]; חיסור [אין רעכנונג].

subtrac'tive *a.* (סאב-טרעק'-טיוו) אראבציהענד; וואס נעהמט ארונטער פון א צאהל; אין מאטעמאטיק — וואס שטעהט מיט א מינוס-צייכען [—].

sub'trahend *n.* (סאב'-טרע-הענד) אין מאטעמאטיק — דער סובטראהענד, די צאהל וועלכע ווערט אראבגענומען פון אן אנדער צאהל [אין חיסור].

subtranslu'cent *a.* (סאב-טרענס-ליו'-סענט) א ביסעל דורכזיכטיג, ניט גאנץ דורכזיכטיג.

subtranspar'ent *a.* (סאב-טרענס-פעהר'-ענט) עטוואס דורכזיכטיג, ניט גאנץ דורכזיכטיג.

subtreas'ury *n.* (סאב-טרעזש'-או-רי) די אונטער-שאצקאמער, אן אבטיילונג פון דער קאזנאטשייסטווע פון די פעראייניגטע שטאאטען.

subtrian'gular *a.* (סאב-טראי-ענ'-גיו-לאר) עטוואס דריי-עקיג; א דריי-קאנטיגע פיגור, ביי וועלכער די זייטען זיינען ניט גלייך אדער די ווינקלען זיינען פעררונדעט.

subtri'fid *a.* (סאב-טראי'-פיד) עטוואס דריי-שפאלטיג [וועגען פלאנצען].

subtrihe'dral *a.* (סאב-טראי-הי'-דרעל) עטוואס עהנליך צו א דריי-זייטיגער פיראמידע [ווי דאס קריינדעל פון א צאהן].

subtrip'le *a.* (סאב-טריפ'ל) וואס ענטהאלט א דריטעל פון א צאהל [ווי למשל 3 פון 9].

subtrip'licate *a.* (סאב-טריפ'-לי-קייט) אין מאטעמאטיק — אין דער פערהעלטניס אדער פראפארציאן פון קוביק-ווארצלען.

subtrip'licate ra'tio (סאב-טריפ'-לי-קייט ריי'-שיאו) די פערהעלטניס פון די קוביק-ווארצלען [ווי $\sqrt[3]{b} : \sqrt[3]{a}$].

subtrop'ic *a. and n.* (סאב-טראפ'-איק) אונטער-טראפיש, כמעט טראפיש [וועגען א קלימאט פון א געגענד וואס איז צווישען א הייסען און מיטעלמעסיגען קלימאט]; א געגענד וואס ליעגט ביי די טראפיקען. ז. ***tropic***

subtrop'ical *a.* (סאב-טראפ'-אי-קעל) אונטער-טראפיש, כמעט טראפיש. ז. ***subtropic***

sub'tutor *n.* (סאב'-טיו-טאר) אן אונטער-לעהרער; א בעהעלפער ביי א מלמד.

sub'type *n.* (סאב'-טאיפ) אין ביאלאגיע — אן אונטער-טיפ; א בעזונדערער טיפ וואס איז איינגעשלאסען אין א מעהר אלגעמיינעם טיפ.

subtyp'ical *a.* (סאב-טיפ'-אי-קעל) עטוואס טיפיש, כמעט טיפיש.

su'bulate *a.* (סיו'-ביו-לייט) ווי אן אהל, ווי א שוסטער-נאדעל, אהל-פערמיג.

su'bulated *a.* (סיו'-ביו-ליי-טעד) ז. ***subulate***

su'buliform *a.* (סיו'-ביו-לי-פארם) אהל-פערמיג; ווי אן אהל.

subun'gual *a.* (סאב-אנ'-גהוועל) וואס געפינט זיך אונטער'ן נאגעל [ביי חיות]; וואס געפינט זיך אונטער דער קאפיטע.

sub'urb *n.* (סאב'-אורב) א פארשטאדט, אן ארומיגעס ארט, א געגענד ארום א שטאדט.

subur'ban *a. and n.* (סאב-אור'-בען) וואס ליעגט ביי דער שטאדט; וואס געפינט זיך אין דער פארשטאדט; אן איינוואהנער פון א פארשטאדט.

sub'urbed *a.* (סאב'-אורבד) מיט א פארשטאדט.

subvari'ety *n.* (סאב-ווע-ראי'-ע-טי) אין באטאניק און זאאלאגיע — אן אונטער-װאריעטעט. ז. ***variety***

subvene' *v.* (סאב-ווין') ארייננקומען, אונטערקומען [מיט דעם צוועק צו העלפען אדער צו פערהיטען פון א געפאהר].

subven'tion *n. and v.* (סאב-ווענ'-שאן) דאס אונטערקומען, דאס קומען צו הילף; הילף, שטיצע; העלפען, געבען הילף.

subventi'tious *a.* (סאב-ווען-טיש'-אס) בעהילפיג, אונטערשטיצענד.

subver'miform *a.* (סאב-וואיר'-מי-פארם) עטוואס עהנליך צו א ווארים.

subver'sion *n.* (סאב-וואיר'-שאן) צושטערונג, אומשטירצונג, איבערקעהרונג; די אורזאכע פון אן איבערקעהרונג אדער פערניכטונג.

subver'sionary *a.* (סאב-וואיר'-שאנ-ע-רי) ז. ***subversive***

subver'sive *a.* (סאב-וואיר'-סיוו) צושטערענד, אומשטירצענד, איבערקעהרענד.

subvert' *v.* (סאב-וואירט') צושטערען, אומשטירצען, איבערקעהרען.

subver'ter *n.* (סאב-וואיר'-טער) א צושטערער; אן אומשטירצער.

subver'tible *a.* (סאב-וואיר'-טיבל) וואס קען אומגעשטירצט אדער צושטערט ווערען.

sub'way *n.* (סאב'-הוויי) אן אונטער-וועג, א וועג אונטער דער ערד; אן אונטער-באהן, אן אונטערערדישע אייזען-באהן.

sub'worker *n.* (סאב'-הוואיר-קער) א געהילף פון אן ארבייטער; אן אונטער-העלפער.

succade' *n.* (סא-קייד') די סוקאדע, גרינע פרוכט אדער ציטראן געפרעגעלט אין צוקער אדער סיראפ.

succeda'neous *a.* (סאק-סי-דיי'-ני-אס) וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדערען אדער פון עפעס אנדערש; וואס דיענט אלס שטעלפערטרעטער.

succeda'neum *n.* (סאק-סי-דיי'-ני-אם) איינער וואס פערנעהמט דעם אנדערענס פלאץ, א שטעלפערטרעטער; עטוואס וואס פערנעהמט דעם פלאץ פון אן אנדער זאך; אין מעדיצין — א רפואה וואס ווערט געגעבען אנשטאט אן אנדער רפואה.

succeed' *v.* (סאק-סיעד') נאכפאלגען, נאכגעהן; קומען נאך; ערבען, ירש'ענען; גליקען, געלינגען, זיך איינגעבען; האבען ערפאלג.

succee'der *n.* (סאק-סיע'-דער) א נאכפאלגער; א יורש.

succee'ding *n.* (סאק-סיע'-דינג) דאס נאכפאלגען, דאס זיין דער נעכסטער.

succen'tor *n.* (סאק-סענ'-טאר) איינער וועלכער זינגט די אונטער-טענער אדער דעם באס-טייל אין א כאר; איינער וואס פערנעהמט די שטעלע פון רעגענט פון כאר אין א קירך.

success' *n.* (סאק-סעס') גליק, ערפאלג; אן ערפאלג, א פעולה; א גוטער רעזולטאט פון אן אונטערנעהמונג.

success'ful *a.* (סאק-סעס'-פול) ערפאלגרייך; גליקליך, געלונגען.

success'fully *adv.* (סאק-סעס'-פול-אי) מיט ערפאלג, אויף א געלונגענער ארט.

success'fulness *n.* (סאק-סעס'-פול-נעס) גליקליכקייט, געלונגענקייט; ערפאלג.

succes'sion *n.* (סאק-סעש'-אן) דאס פאלגען איינע נאך די אנדערע, דאס פאלגען אין דער רייהה; די נאכפאלגונג; א גרופע אדער סעריע פון זאכען אדער ערשיינונגען וואס פאלגען איינע נאך די

אנדערע; א רייה; די נאכפאלגע אין אמט, בעזיץ, א. ד. ג.; דאס רעכט פון א נאכפאלגער; א רייה פון נאכפאלגער; יורשים; נאכקומענשאפט.

succes'sional *a.* (סאק-סעש'-אנ-על) וואס געהט נאך דער רייה, וואס געהט איינס נאך'ן אנדערען.

succes'sionally *adv.* (סאק-סעש'-אנ-על-אי) אין דער רייה, נאך דער רייהענפאלגע.

succes'sion du'ty (סאק-סעש'-אן דיו'-טי) ז. *succession tax*.

succes'sionist *n.* (סאק-סעש'-אנ-איסט) אן אנהענגער פון דער אפאסטאלישער נאכפאלגע. ז. *apostolic succession*.

succes'sion of crops (סאק-סעש'-אן אוו קראפס) וועקסעל-ווירטשאפט [דאס פערזייהען א פעלד יעדען יאהר מיט אנדערער תבואה].

succes'sion tax (סאק-סעש'-אן טעקס) א שטייער אויף אייגענטום וואס דארף געצאהלט ווערען פון יעדען איינעם צו וועמען דאס אייגענטום געהט איבער בירושה.

succes'sive *a.* (סאק-סעס'-איוו) פאלגענד, וואס קומט איינס נאך'ן אנדערען, וואס געהט כסדר איינס נאך'ן אנדערען.

succes'sively *adv.* (סאק-סעס'-איוו-לי) נאך דער רייה, נאכאנאנדער; איבערגעהענדיג בירושה פון איינעם צום אנדערען.

succes'siveness *n.* (סאק-סעס'-איוו-נעס) דער רייהענגאנג, דאס געהן אדער פאלגען איינס נאך'ן אנדערען.

success'less *a.* (סאק-סעס'-לעס) אונגליקליך; אהן ערפאלג; ניט געלונגען.

success'lessly *adv.* (סאק-סעס'-לעס-לי) אויף אן ערפאלגלאזען אדער אונגעלונגענעם שטייגער; אהן ערפאלג; אונגליקליך.

success'lessness *n.* (סאק-סעס'-לעס-נעס) ערפאלגלאזיגקייט, דאס זיין אהן ערפאלג; אונגעלונגענקייט.

succes'sor *n.* (סאק-סעס'-אר) א נאכפאלגער; א יורש.

succes'sorship *n.* (סאק-סעס'-אר-שיפ) נאכפאלגערשאפט.

succes'sory *a.* (סאק-סעס'-א-רי) פאלגענד, וואס קומט איינס נאך'ן אנדערען.

suc'ci *n.* (סאק'-סאי). זאפטען. ז. *succus*.

succid'uous *a.* (סאק-סיד'-יו-אס) וואנקענד, וואס האלט ביים אנידערפאלען.

succif'erous *a.* (סאק-סיפ'-ע-ראס) וואס גיט ארויס זאפט.

suc'cin *n.* (סאק'-סין) ברושטין, בורשטין, בערנשטיין.

suc'cinate *n.* (סאק'-סי-נייט) בערנשטיין-זויער-זאלץ [א כעמישע פערבינדונג פון ברושטין].

suc'cinated *a.* (סאק'-סי-ניי-טעד) וואס ענטהאלט בערנשטיין-זויער-זאלץ.

succinct' *a.* (סאק-סינקט') קורץ, קורץ געפאסט; אויסגעדריקט אין וועניג ווערטער; ארומגעגארטעלט, ארומגערינגעלט ווי מיט א רייף.

succinct'ly *adv.* (סאק-סינקט'-לי) אויף א קורץ-געפאסטען אופן, אין וועניג ווערטער.

succinct'ness *n.* (סאק-סינקט'-נעס) קורצקייט [אין אויסדריקע], קורץ-געפאסטקייט.

succincto'rium *n.* (סאק-סינק-טאו'-רי-אם) אזא מאנטעל וואס דער פאפסט טראגט ביי געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס.

succinc'tory *n.* (סאק-סינק'-טא-רי) ז. *succinctorium*.

succin'ic *a.* (סאק-סינ'-איק) וואס קומט אדער ווערט גענומען פון ברושטין אדער בערנשטיין [ווענען כעמישע שטאפען און פערבינדונגען]; וואס ווערט געפונען אין ברושטין [ווי אן אינזעקט].

succin'ic ac'id (סאק-סינ'-איק עס'-איד) בערנשטיין-זויערע [א כעמישע פערבינדונג פון ברושטין].

suc'cinite *n.* (סאק'-סי-נאיט) א מין געלבער גראנאט וואס האט דעם קאליר פון ברושטין [בערנשטיין].

suc'cinous *a.* (סאק'-סי-נאס) וואס איז עהנליך צו ברושטין [בערנשטיין].

succise' *a.* (סאק-סאיס') אין באטאניק — וואס איז ווי אבגעשניטען אדער ווי אבגעבראכען ביים ענד.

succiv'orous *a.* (סאק-סיוו'-א-ראס) וואס ערנעהרט זיך מיט דעם זאפט פון פלאנצען [ווי אן אינזעקט].

suc'cor *v.* and *n.* (סאק'-אר) העלפען, קומען צו הילף; אונטערשטיצען; הילף, אונטערשטיצונג; א העלפער, אן ארויסהעלפער, אן אונטערשטיצער; א הילפס-ארמעע.

suc'corable *a.* (סאק'-אר-עבל) וואס קען אויסגעהאלפען ווערען.

suc'corer *n.* (סאק'-אר-ער) א העלפער, אן ארויסהעלפער, אן אונטערשטיצער.

suc'corless *a.* (סאק'-אר-לעס) הילפלאז, אהן הילף.

suc'cory *n.* (סאק'-א-רי) ציקאריע.

suc'cose *a.* (סאק'-אוס) זאפטיג.

suc'cotash *n.* (סאק'-א-טעש) א געריכט פון טערקישע ווייץ [קוקורוזע] און בעבלעך.

suc'cub *n.* (סאק'-אב) ז. *succuba*.

suc'cuba *n.* (סאק'-יו-בא) א פאבעלהאפטער שד אין דער געשטאלט פון א פרויענצימער, וואס ערשיינט צו מענער אין שלאף און האט מיט זיי געשלעכטליכע בעציהונגען [ווי ביי אידען ווערט געגלויבט וועגען לילית].

suc'cubus *n.* (סאק'-יו-באס) א שד וועגען וועלכען עס ווערט געגלויבט, אז ער האט געשלעכטליכע בעציהונגען מיט מענשען ווען זיי שלאפען.

suc'culence *n.* (סאק'-יו-לענס) זאפטיגקייט.

suc'culency *n.* (סאק'-יו-לענ-סי) ז. *succulence*.

suc'culent *a.* (סאק'-יו-לענט) זאפטיג.

suc'culently *adv.* (סאק'-יו-לענט-לי) פול מיט זאפט, זאפטיג.

suc'culous *a.* (סאק'-יו-לאס) ז. *succulent*.

succumb' *v.* (סא-קאם') 1. פאלען אונטער דעם דרוק אדער איבערמאכט; 2. זיך אונטערגעבען, בעזיעגט ווערען; 3. שטארבען.

2. The army **succumbed** to the attack of the enemy.

succur'sal *a.* (סא-קויר'-סעל) וואס דיענט אלס א נעבען-קירך.

suc'cus *n.* (סאק'-אס) דער זאפט פון קערפער; דער זאפט פון פלאנצען.

succuss' *v.* (סא-קאס') א פלעצליך טרייסעל אדער שאקעל טהאן.

succussa'tion *n.* (סאק-א-סיי'-שאן) טרייסלונג; שאקלונג.

succus'sion *n.* (סא-קאש'-אן) דאס טרייסלען, דאס שאקלען; א העפטיגער טרייסעל.

succus'sive *a.* (סא-קאס'-איוו) טרייסלענד, שאקלענד ארויף און אראב.

such *a., adv. and pr.* (סאטש) אזעלכער, אזעלכע, אזעלכעס; אזא, אזוינער; די יעניגע; דערזעלביגער, דיעזעלביגע.

such and such (סאטש ענד סאטש) דער און דער, די און די, דאס און דאס; אזעלכער און אזעלכער, אזא און אזא.

such is life (סאטש איז לאיף) אזוי געהט עס אויף דער וועלט, אזוי איז שוין דאס לעבען.

suck *v.* and *n.* (סאק) זויגען; איינזויגען, ארייינציהען אין זיך; דאס זויגען; די זויג-מילך, די מוטער-מילך; דאס איינזויגען, דאס איינציהען; א שלוק; א ציה [ווי ביים רויכערען]; שנאפס; א נאשעריי; א שווינדעל, א שפיצעל, אן אבנארעריי.

suck'er *n.* and *v.* (סאק'-ער) א זויגער, איינער אדער עטוואס וואס זויגט; א זויג-קינד; א זויג-טהיער; א יונג חזיר'על; דער ארגאן מיט וועלכען א לעבעדיגע בעשעפעניש זויגט; א טייל פון א מאשין אדער פון אן אפאראט וואס זויגט איין [ווי א זויג-רעהר, דער קאלבען אין א זויג-פומפ א. ד. ג.]; אזא פיש וואס קען זיך צוזויגען צו עפעס מיט'ן מויל; אן ארויסשפראצונג אדער צווייגעלע וואס וואקסט ארויס פון דעם ווארצעל אדער ביים ווארצעל פון א פלאנצע; א פאראזיט, א בלוט-זויגער; אן אויסזויגער; א דומער יונג, א שוטה; אן איינוואהנער פון דעם שטאאט אילינאיז [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; אבשניידען די ארויסשפראצונגען אדער די צווייגלעך וואס וואקסען ארויס פון די ווארצלען; בעזארגען מיט זויג-ארגאנען; לאזען ארויסוואקסען אדער ארויסשפראצען צווייגלעך פון די ווארצלען.

suck'er-fish *n.* (סאק'-ער-פיש) ז. *sucking-fish*.

suck'et *n.* (סאק'-עט) א קאנפעקט; א דעליקאטעס, א נאשעריי.

suck in (סאק אין) איינזויגען; בעטריגען, בעשווינדלען.

suck'-in *n.* (סאק'-אין) א שווינדעל, בעטרוג.

suck'ing *a.* and *n.* (סאק'-אינג) זויגענד, זויגעדיג; יונג און אונערפאהרען; דאס זויגען.

suck'ing-bot'tle *n.* (סאק'-אינג-באט'ל) א זויג-פלעשעל [פאר קינדער].

suck'ing-fish *n.* (סאק'-אינג-פיש) דער קאפ-זויגער [אזא פיש וואס זויגט זיך צו מיט'ן קאפ, בעזאנדערס צו שיפען, און האלט זיך ווי אנגעקלעפט]. ז. *remora*.

suck'ing-pump *n.* (סאק'-אינג-פאמפ) א זויג-פומפ.

suck'le *v.* (סאקל) זויגען, נעהרען מיט דער ברוסט.

suck'ler *n.* (סאק'-לער) א זויג-טהיער, א חיה וואס זויגט איהרע קינדער; א יונג חיה'לע וואס זויגט נאך; א זויג-קאלב.

suck'ling *n.* and *a.* (סאק'-לינג) א זויגלינג, א יונג חיה'לע וואס זויגט נאך; זויגעדיג; יונג און אונערפאהרען.

suck out (סאק אוט) אויסזויגען.

suck the mon'key (סאק טהי מאנ'-קי) זויגען וויין אדער בראנפען פון א פאס דורך א רעהרעל אדער א שטרוי; טרינקען שנאפס [אויף דער שפראך פון מאטראזען].

suck up (סאַק אַפּ) אַריינזויגען, אַריינציהען אין זיך.

su'crose *n.* (סיו'-קראָוס) ראָהר-צוקער.

suc'tion *n.* (סאַק'-שאַן) זויגונג; איינזויגונג.

suc'tion-pipe *n.* (סאַק'-שאַן-פּאַיפּ) דער זויג-ראָהר פון אַ זויג-פּומפּ [דער ראָהר דורך וועלכען דאָס וואַסער ווערט אַרויפגעצויגען].

suc'tion-pump *n.* (סאַק'-שאַן-פּאַמפּ) אַ זויג-פּומפּ [אַ פּומפּ אין וועלכער דאָס וואַסער ווערט אַרויפגעצויגען דורך דער זויג-ווירקונג פון דעם קאָלבען, ווי די געוועהנליכע וואַסער-פּומפּען].

suc'tion-valve *n.* (סאַק'-שאַן-וועלוו) אַ זויג-ווענטיל [דער ווענטיל אָדער די קלאַפּע אין דעם דעק פון צילינדער אונטער דעם קאָלבען דורך וועלכען דאָס וואַסער ווערט אַריינגעצויגען].

sucto'rial *a.* (סאַק-טאָו'-רי-על) וואָס איז צוגעפּאַסט אָדער איינגעריכטעט צום זויגען; וואָס האָט אַ זויג-אָרגאַן; וואָס לעבט פון זויגען.

sucto'rian *n.* (סאַק-טאָו'-רי-ען) אַ זויג-טהיער; דער רונד-מויל פיש [איינער פון די פיש וואָס קען זיך צוזויגען צו עטוואָס מיט זיין מויל].

sucto'rious *a.* (סאַק-טאָו'-רי-אַס) ז. ***suctorial***.

Sudanese' *a. and n.* (סוּה-דע-ניעס') סודאַניש, וואָס איז שייך צו סודאַן; פון סודאַן [אַ געגענד אין אַפריקא, וואָס ליעגט אין דרום פון סאַהאַרא]; אַן איינוואָהנער פון סודאַן, די איינוואָהנער אָדער די נעגער פון סודאַן.

suda'rium *n.* (סיו-דיי'-רי-אַם) אַ טיכעל.

su'dary *n.* (סיו'-דע-רי) ז. ***sudarium***.

suda'tion *n.* (סיו-דיי'-שאַן) דאָס שוויצען; שוויצונג.

sudato'rium *n.* (סיו-דע-טאָו'-רי-אַם) אַ שוויץ-באָד.

su'datory *a. and n.* (סיו'-דע-טאָ-רי) שוויצענד; וואָס ברייננט אַרויס שווייס; אַ שוויץ-מיטעל; אַ שוויץ-באָד.

sud'den *a. and adv.* (סאַד'ן) פּלעצליך, פּלוצלונג; איילינ, שנעל; אונערוואַרטעט.

sud'denly *adv.* (סאַד'נ-לי) אויף אַ פּלעצליכען אָדער אונערוואַרטעטען אופן; מיט אַ מאָל; באַלד, שנעל.

sud'denness *n.* (סאַד'נ-נעס) פּלעצליכקייט.

su'dor *n.* (סיו'-דאָר) שווייס.

su'doral *a.* (סיו'-דאָ-רעל) שווייסיג: וואָס איז שייך צו שווייס.

sudorif'erous *a.* (סיו-דאָ-ריפ'-ע-ראַס) וואָס גיט אַרויס אָדער ברייננט אַרויס שווייס.

sudorif'ic *a. and n.* (סיו-דאָ-ריפ'-איק) שווייס-טרייבענד, וואָס ברייננט אַרויס שווייס; אַ שווייס-מיטעל, אַ מיטעל וואָס ברייננט אַרויס שווייס.

Su'dra *n.* (סוּה'-דראַ) די פיערטע און נידריגסטע קאַסטע אין אינדיען [דאָס פאָלק אין אינדיען איז אַ מאָל געווען איינגעטיילט אין פיער קאַסטען אָדער קלאַסען]; אַ מיטגליעד פון דער פיערטער קאַסטע.

suds *n.* (סאַדז) זייף-וואַסער, מוליענעס, זייף-לויג.

sue *v.* (סיו) געריכטליך פערקלאַגען; זוכען אויסצוּווירקען; זוכען צו איבערציינען; זוכען גערעכטיגקייט; זוכען אימעצענס גונסטען; בעטען; זיך שדכנ'ען.

sue at law (סיו עט לאָה) פערקלאַגען אין געריכט.

sue for grace (סיו פאָר גרייס) בעטען גנאָד.

sue out (סיו אוּט) אויסווירקען.

sue out liv'ery (סיו אוּט ליוו'-ער-אי) זיך ערקלערען אַלס פולי-יעהריג.

su'er *n.* (סיו'-ער) אַ ביטע-שטעלער, אַ בעוועהרבער; איינער וואָס שדכנ'ט זיך.

su'et *n.* (סיו'-עט) ניערען-פעטס, חלב.

su'ety *a.* (סיו'-עט-אי) פעטיג, חלב'דיג.

suf'fer *v.* (סאַפ'-ער) ליידען; אויסשטעהן; ליידען שאָדען, צרות, יסורים א. ד. ג.; ליידען אַ שטראָף; געשטעלט ווערען צו טויט-שטראָף; פערטראָגען, דולדען; צולאָזען, דערלאָזען, ערלויבען.

suf'ferable *a.* (סאַפ'-ער-עבל) וואָס מען קען דולדען אָדער דערליידען; ערטרעגליך; צולעסיג; וואָס קען צוגעלאָזען ווערען.

suf'ferableness *n.* (סאַפ'-ער-עבל-נעס) ערטרעגליכקייט; צולעסיגקייט.

suf'ferably *adv.* (סאַפ'-ער-ע-בלי) צו דולדען, צום פערטראָגען; אויף אַ צולעסיגען אופן.

suf'ferance *n.* (סאַפ'-ער-ענס) דאָס ליידען; דאָס דולדען; דאָס פערטראָגען; דאָס אויסשטעהן; לייד; דולדונג; דאָס צולאָזען, דאָס ערלויבען.

suf'ferer *n.* (סאַפ'-ער-ער) אַ ליידענדער; איינער וואָס ליידעט אָדער דולדעט אָדער דערלאָזט עפּעס.

suf'fering *n. and a.* (סאַפ'-ער-אינג) דאָס ליידען; לייד; ליידענד.

suffice' *v.* (סאַ-פאַיס') גענוג זיין, גענוגען; בעפריעדיגען.

suffi'ciency *n.* (סאַ-פיש'-ען-סי) גענוגקייט; טויגליכקייט, געשיקטקייט, פעהיגקייט.

suffi'cient *a. and n.* (סאַ-פיש'-ענט) גענוגענד, גענוג; טויגליך, געשיקט, פעהיג, גענייגענט; צופריעדען; צופריעדענשטעלענד; גענוגקייט, גענוגזאַמקייט.

suffi'cient ev'idence (סאַ-פיש'-ענט עוו'-אי-דענס) גענוגענדע אָדער גילטיגע בעווייזע, אויף וועלכע דאָס געריכט זאָל קענען אַרויסגעבען אַן אורטייל.

suffi'ciently *adv.* (סאַ-פיש'-ענט-לי) אויף אַ גענוגענדען אָדער צופריעדענשטעלענדען אופן; טויגליך.

suffi'cingly *adv.* (סאַ-פאַי'-סינג-לי) אויף אַ צופריעדענשטעלענדען אופן.

suffi'cingness *n.* (סאַ-פאַי'-סינג-נעס) דאָס זיין צופריעדענשטעלענד; גענוגקייט.

suf'fix *n.* (סאַפ'-איקס) אַ סופיקס, אַ נאָך-זילבע [אַ זילבע וואָס ווערט צוגעגעבען אַם ענדע פון אַ וואָרט ווי ***ing*** אין ***suffer-ing***]; אין מאַטעמאַטיק — אַ צייכען אָדער ציפער וואָס ווערט געשריבען נאָך אָדער אונטער אַ בוכשטאַב ווי x_1, x_2 א. ד. ג.

suffix' *v.* (סאַ-פיקס') שטעלען אַ סופיקס אָדער אַ נאָך-זילבע צו אַ וואָרט.

suf'fixal *a.* (סאַפ'-איק-סעל) וואָס איז שייך צו אַ סופיקס. ז. ***suffix***.

suffix'ion *n.* (סאַ-פיק'-שאַן) דאָס צושטעלען אַ סופיקס, דאָס האָבען אַ סופיקס. ז. ***suffix***.

suffla'tion *n.* (סאַ-פליי'-שאַן) די אויפבלאַזונג, דאָס אויפבלאַזען.

suf'focate *v.* (סאַפ'-אָ-קייט) שטיקען, דערשטיקען; פערשטיקען; דערשטיקט ווערען.

suf'focating *a.* (סאַפ'-אָ-קיי-טינג) שטיקענד, דערשטיקענד.

suf'focatingly *adv.* (סאַפ'-אָ-קיי-טינג-לי) צום דערשטיקען, צום דערשטיקט ווערען.

suffoca'tion *n.* (סאַפ-אָ-קיי'-שאַן) דערשטיקונג; דאָס דערשטיקען, דאָס דערשטיקט ווערען.

suf'focative *a.* (סאַפ'-אָ-קיי-טיוו) דערשטיקענד, שטיקענד.

suf'fragan *a. and n.* (סאַפ'-רע-גען) מיטהעלפענד; וואָס איז שייך צו אַ סופראַגאַן; אַ סופראַגאַן [אַ געהילף-בישאָף, אַן אונטער-בישאָף]; אַ בישאָף [אַלס אונטערגעאָרדנעטער צום ערצבישאָף אָדער מעטראָפּאָליט].

suf'fraganship *n.* (סאַפ'-רע-גען-שיפּ) דאָס אַמט פון אַ סופראַגאַן [געהילף-בישאָף, אונטער-בישאָף].

suf'fragant *a. and n.* (סאַפ'-רע-גענט) מיטהעלפענד; אַ מיטהעלפער; אַ בעגינסטיגער; אַן אונטערשטיצער; אַ סופראַגאַן [אַ געהילף-בישאָף, אַן אונטער-בישאָף].

suf'fragate *v.* (סאַפ'-רע-גייט) מיטהעלפען, אונטערשטיצען, בעגינסטיגען.

suf'frage *n. and v.* (סאַפ'-רעדזש) 1. אַ שטימע, אַ וואָהל-שטימע; דאָס שטימען; שטימרעכט; 2. אַ צושטימונג, אַ בעשטעטיגונג; 3. אַ געבעט, אַ תפילה; אַ תפילה געזאָגט פון אַלע דאַוונער [ביי די קריסטען]; 4. שטימען, וועהלען.

1. Suffrage is not only a right but also a duty.

suffragette' *n.* (סאַפ-רע-דזשעט') אַ סאַפראַזשעט [אַ פרוי וואָס פאָדערט שטימרעכט פאַר פרויען].

suffraget'tism *n.* (סאַפ-רע-דזשעט'-איזם) סאַפראַזשעטיזם [די בעוועגונג פאַר פרויען-שטימרעכט].

suf'fragist *n.* (סאַפ'-רע-דזשיסט) 1. אַ שטימ-בערעכטיגטער, אַ וועהלער; 2. איינער וואָס האָט געוויסע מיינונגען וועגען שטימרעכט [ווי וועגען דעם, אַז מען זאָל געבען פרויען שטימרעכט א. ז. וו.].

2. He is an ardent woman-suffragist.

suffrutes'cent *a.* (סאַ-רו-טעס'-ענט) וואָס איז עטוואָס האָלציג; וואָס האָלציג פון אונטען [וועגען גראָז-פלאַנצען].

suf'frutex *n.* (סאַפ'-רו-טעקס) אַ קליינער קוסט; אַ גראָז-פלאַנצע מיט אַ האָלציגען שטאַם אָדער שטענגעל.

suffru'ticose *a.* (סאַ-פרוּה'-טי-קאָוס) וואָס איז עהנליך צו אַ קליינעם קוסט, וואָס האָט אַ האָלציגען שטענגעל [וועגען גראָז-פלאַנצען].

swathe *n. and v.* (סהווייטה) א באנדאזש, א בינדע; א וויקעל-שנור [ווי פאר א קינד]; איינבינדען, איינוויקלען ווי אין א וויקעל-שנור.

swa'thing *n.* (סהוויי'-טהינג) א באנד, א וויקעל-שנור, א וויקעל-באנד, א באנדאזש, א בינדע.

sway *v. and n.* (סהוויי) בויגען צו איין זייט; אבבייגען אדער אבווענדען צו א געוויסער ריכטונג; איינפליסען איינעם א פאראורטייל; מאכען עפעס צו שווינגען אדער וויעגען זיך; שווינגען הין און הער; פיהרען, לייטען, קירעווען, נייגען, רעגיערען; זיך אבנייגען, זיך אבווענדען; זיך וויעגען; די הערשאפט, די מאכט; דאס רעגיערען; דאס געוויכט, דער איינפלוס; דאס שווינגען, דאס וויעגען; דאס בעוועגען הין און הער.

sway'-backed *a.* (סהוויי'-בעקט) מיט אן אויסגעבויגענעם רוקען [ווי ביי א פערד].

sway'-bar *n.* (סהוויי'-באר) דער קירע-וועשטאנג [דער שטאנג פון א וואגען וואס דיענט צום קירעווען].

sway'ful *a.* (סהוויי'-פול) געוועלטיג, מעכטיג; שוואונגפול, מיט א שוואונג.

sway'fully *adv.* (סהוויי'-פול-אי) אויף א מעכטיגען שטייגער; געוועלטיג; מיט שוואונג.

sway'ing *n.* (סהוויי'-אינג) דאס וויעגען, דאס שווינגען; דאס רעגיערען; דאס פיהרען, דאס לייטען; דאס קירעווען; דאס נייגען; דאס האבען איינפלוס; דאס נייגען זיך, דאס איינבויגען זיך; דאס אויפהויבען; דאס אבציהען אדער אבווענדען; די אויסקרימונג פון א פערד'ס רוקען, וואס קומט פון פיהרען צו פיעל לאסט.

sway the scep'tre (סהוויי טהי סעפ'-טער) רעגיערען.

sweal *v.* (סהוויעל) שמעלצען [וועגען ליכט], רינען; פערברענט ווערען לאנגזאם; סמאליען [א חזיר].

swear *v. and n.* (סהוועהר) שווערען; געבען א שבועה; פערשפרעכען עפעס אונטער א שבועה; פייערליך בעשטעטיגען אדער פערזיכערען עפעס; ברויכען אונאנשטענדיגע שטארקע אויסדריקע; פלוכען, שילטען; בעשווערען, פערבינדען דורך א שבועה; איינשווערען; א שבועה.

swear at (סהוועהר עט) פלוכען, שילטען, שיטען קללות אויף אימעצען אדער עפעס; ניט הארמאנירען, זיך ניט פאסען [וועגען פארבען].

swear by (סהוועהר באי) האלטען זעהר שטארק פון איינעם; האבען זעהר גרויס צוטרויען צו איינעם.

swear'er *n.* (סהוועהר'-ער) איינער וואס שווערט, איינער וואס גיט א שבועה.

swear in (סהוועהר אין) איינשווערען; אנשטעלען איינעם אין אמט, נעהמענדיג פון איהם א שבועה.

swear off (סהוועהר אף) אבזאגען זיך פון עפעס; נעהמען אויף זיך א נדר ניט צו טהאן עפעס.

swear one to se'crecy (סהוועהר הוואן טו סיע'-קרע-סי) אימעצען בעשווערען צו האלטען א סוד.

swear out (סהוועהר אוט)
ז. *swear off*

swear the peace against' one (סהוועהר טהי פיעס ע-גענסט' הוואן) שווערען אין געריכט, אז איינער סטראשעט איהם מיט'ן טויט אדער מיט אן אנדער געפאהר [אין אזא פאל קען דאס געריכט פאדערען פון דעם אנגעקלאגטען א פערזיכערונג, אז קיין זאך וועט ניט געשעהן פון זיין זייט].

swear'-word *n.* (סהוועהר'-הווארד) א קללה, א פלוך, א גראבער אויסדרוק.

sweat *n. and v.* (סהוועט) שווייס, דאס שוויצען; דאס וואס מאכט שוויצען; שווערע ארבייט, הארעוואניע; דאס וואס איז עהנליך צו שווייס, טוי; א שוויץ-פראצעס, דאס שווייסען [ווי אין גארבען פעל, אין דער מאנופאקטור פון ציגעל א. ז. וו.]; שוויצען, לאזען שווייס; שווער ארבייטען, הארעווען; בעשטראפט ווערען מיט שווערער ארבייט; ארבייטען פאר הונגער-לוין;

מאכען שוויצען; פערשמוצען עפעס מיט שוויים; ארויספרעסען שוויים פון אן ארבייטער, שטארק עקספלואטירען איהם; פער'משכנ'ען; אויסקוועטשען די פייכטקייט פון עפעס, טריקענען; שווייסען [ווי אין דער מאנופאקטור פון לעדער, פון טאבאק]; שווייסען אייזען [צונויפשמיעדען בעזונדערע שטיקער].

sweat'-band *n.* (סהוועט'-בענד) דער שוויץ=באנד פון א הוט [דער לעדערנער באנד פון דער אינערליכער זייט].

sweat'-box *n.* (סהוועט'-באקס) אזא קאסטען, וואו פעל ווערען געשווייסט צום גארבען.

sweat'-cloth *n.* (סהוועט'-קלאהטה) א שטיקעל לייווענד אויסצואווישען דעם שוויים פון פנים [ווי א האנדטוך אדער נאז=טיכעל].

sweat coins (סהוועט קאינז) פערקלענערען די וואג פון מטבעות [טרייסלענדיג זיי אין א בייטעל אום זיי אבצורייבען].

sweat'ed *a.* (סהוועט'-עד) וואס ארבייט אדער וואס איז געארבייט אונטער דעם שוויץ=סיסטעם. ז. ***sweating system***

sweat'er *n.* (סהוועט'-ער) א שוויצער, איינער וואס שוויצט; דער אדער דאס וואס מאכט שוויצען; א שוויים=טרייבער, איינער וואס לאזט זיינע ארבייטער שווער ארבייטען פאר א הונגער=לוין; איינער וואס פערקלענערט די וואג פון מטבעות [דורך טרייסלען זיי אין א בייטעל, וואו זיי ווערען אבגעריבען]; א ווארעמער געשטריקטער יאק אדער קאפטעל.

sweat for it (סהוועט פאר איט) בעשטראפט ווערען פאר א פערברעכען, אבקומען פאר עפעס.

sweat'ful *a.* (סהוועט'-פול) בעדעקט מיט שוויים, פערהארעוועט; מיהזאם; וואס צייגט ארויס פיעל מיה; וואס דריקט אויס שווערע ארבייט.

sweat'ily *adv.* (סהוועט'-אי-לי) אויף א שוויצענדען אדער שווייסיגען שטייגער.

sweat'iness *n.* (סהוועט'-אי-נעס) שווייסיגקייט, דאס זיין פייכט פון שוויים.

sweat'ing *n. and a.* (סהוועט'-אינג) דאס שוויצען; דאס שווייסען [פעל, אייזען א. ז. וו.]; דאס טרייבען שוויים; די שוויץ=סיסטעם; וואס איז שייך צו דער שוויץ=סיסטעם [ז. ***sweating system***]; שוויצענד.

sweat'ing-bath *n.* (סהוועט'-אינג-בעטה) א שוויץ=באד.

sweat'ing-cloth *n.* (סהוועט'-אינג-קלאהטה) ז. ***sweat-cloth***

sweat'ing-fe'ver *n.* (סהוועט'-אינג-פיע'-ווער) ז. ***sweating-sickness***

sweat'ing-house *n.* (סהוועט'-אינג-האוס) א שוויץ=הויז, א שוויץ=באד; אין שפאניען — אזא ענגע שטאל, אין וועלכער שעפסען ווערען צוזאמענגעדרענגט די נאכט איידער מען שערט זיי [כדי זייער וואל זאל דורכגעשוויצט און ווייכער ווערען].

sweat'ing-i'ron *n.* (סהוועט'-אינג-אי'-ערן) דאס שוויים=מעסער [א מעסער אבצוקראצען דעם שוויים פון פערד].

sweat'ing-knife *n.* (סהוועט'-אינג-נאיף) ז. ***sweating-iron***

sweat'ing-room *n.* (סהוועט'-אינג-רוהם) דאס שוויץ=צימער אין א שוויץ=באד; א צימער וואו מען שווייסט אדער מען טריקענט קעז.

sweat'ing-scra'per *n.* (סהוועט'-אינג-סקריי'-פער) ז. ***sweating-iron***

sweat'ing-sick'ness *n.* (סהוועט'-אינג-סיק'-נעס) שוויים=פיבער, דער ענגלישער שוויים [א געפעהרליכע עפידעמישע קראנקהייט, וועלכע האט געהערשט אין ענגלאנד אין 15טען און 16טען יאהרהונדערט].

sweat'ing sys'tem (סהוועט'-אינג סיס'-טעם) דאס שוויץ=סיסטעם, דאס סוועטינג=סיסטעם, דאס הונגער=לוין=סיסטעם [דאס לאזען מענשען שווער ארבייטען פאר א הונגער=לוין].

sweat'ing-tub *n.* (סהוועט'-אינג-טאב) א וואנע וואס ווערט בענוצט פאר א הייסער באד אדער פאר שוויצען.

sweat'less *a.* (סהוועט'-לעס) אהן שוויים; אהן ארבייט.

sweat'shop *n.* (סהוועט'-שאפ) א פאבריק אדער ווערקשטאט וואו מען ארבייט לאנגע שטונדען פאר א הונגער=לוין.

sweat'y *a.* (סהוועט'-אי) שווייסיג, פול מיט שוויים, אין שוויים, פון שוויים; שווער, מיהזאם.

Swede *n.* (סהוויעד) א שוועד, א שוועדין [איינער אדער איינע וואס איז געבארען געווארען אדער וואהנט אין שוועדען]; שוועדישע ריבען [א מין קרייטיך].

Swedenbor'gian *a. and n.* (סהווידנ-באהר'-דזשי-ען) וואס איז שייך צו עמאנועל סוועדענבארג אדער צו זיינע לעהרען; אן אנהענגער פון סוועדענבארג'ס פילאזאפישע און רעליגיעזע לעהרען. ז. ***Swedenborgianism***

Swedenbor'gianism *n.* (סהווידנ-באהר'-דזשי-ען-איזם) סוועדענבארגיאניזם, די פילאזאפישע און טעאלאגישע לעהרען פון שוועדישען מיסטיקער עמאנועל סוועדענבארג [געב. 1688, געשט. 1772]. סוועדענבארג בעהויפטעט, אז ער האט געהאט פיעל געטליכע אפענבארונגען און ענטפלעקונגען, און אויף דעם גרונד פון דיעזע אפענבארונגען איז ער ארויסגעטראטען מיט דער לעהרע, אז יעזוס קריסטוס איז דער איינציגער גאט און ניט בלויז א טייל פון דער הייליגער דרייאייניגקייט [גאט דער פאטער, גאט דער זוהן און גאט דער הייליגער גייסט]. די צווייטע "ביאת הגואל" איז שוין פארגעקומען אין דער לעצטער צייט, נאר זי איז פארגעקומען ניט אויף א נאטירליכען קערפערליכען שטייגער, נאר בלויז אין אפענבארונג און ענטפלעקונג, און דעריבער איז איצט געווארען א נייע וועלט פון אויפקלערונג און פראגרעס. סוועדענבארג'ס נאכפאלגער האבען געגרינדעט "די נייע קירך", א מיסטישע סעקטע, וועלכע האט אנהענגער אין ענגלאנד און אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

swedge *n. and v.* (סהוועדזש) ז. ***swage***

Swe'dish *a. and n.* (סהווי'-דיש) שוועדיש; וואס איז שייך צו שוועדען אדער איהרע איינוואהנער; די שוועדישע שפראך.

Swe'dish tur'nip (סהווי'-דיש טויר'-ניפ) ז. ***rutabaga***

sweep *v. and n.* (סהוויעפ) קעהרען, אויסקעהרען [מיט א בעזים]; א קעהר טהאן ווי מיט א בעזים; אברייניגען ווי דורך אויסקעהרען מיט א בעזים; א שטרייך טהאן מיט א ברייטען שוואונג [ווי מיט א קאסע]; דורכלויפען מיט גרויס קראפט; אבשטרייכען אדער אבקעהרען ווי מיט א בעזים; איבערבליקען אדער בעקוקען ווייט און ברייט; שטרייכענד בעריהרען [ווי די סטרונעס פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט דורך די פינגער]; ארויסברייגגען טענער דורך שטרייכען מיט די פינגער איבער סטרונעס; רודערען מיט לאנגע רודערס; אוועקרייסען, אוועקטרייבען אדער אוועקטראגען מיט מאכט; אוועקשלעפען; שלעפען; זיך ווייט אויסשפרייטען; דורכלויפען, פארבייליופען; פארבייגעהן מיט שטאלץ אדער מיט וויכטיגקייט; דאס קעהרען אדער אויסקעהרען [מיט א בעזים]; אויסקעהרונג, אן אויסרייניגונג; אן איבערקעהרעניש; דאס וואס ווערט אויסגעקעהרט מיט א בעזים, מיסט, אבפאל; אן אומפאנג, א בערייך; א שוואונג; א בויג, אן אויסבויגונג; אן אויסגעבויגענע ליניע; א קרייז=פערמיגער אדער האלב=רונדער צופאהר פאר א הויז; א שנעלער איבערבליק אדער א שנעלע בעאבאכטונג פון א געגענד [בעזאנדערס פון הימעל] פון אלע זייטען; די געגענד וועלכע איז אזוי בעאבאכטעט געווארען; א לאנגער רודער; א מאשין וואס פלעגט אין די אלטע צייטען בענוצט ווערען צו שיסען מיט שטיינער אין פעסטונגען; א ברונעם=שווענגעל, א שווירטום, א זשוראוול [אזא פארריכטונג צו שעפען וואסער פון א ברונעם. בעשטעהט פון א ווערטיקאלען גאפעל=פערמיגען קלאץ אין וועלכען עס איז אריינגעשטעלט א האריזאנטאלער שטאנג וועלכער האט פון איין ענד א געוויכט און פון דעם אנדערען ענד אן אראבהענגענדען שטענגעל מיט א קרוק אנצוהענגען דעם עמער]; אזא קליינער לייכטער פלוג אדער אקער=אייזען; אין קארטען=שפיעל — דאס אבגעווינען אלע קארטען פון טיש; א קעהרער, א קוימען=קעהרער.

sweep away' (סהוויעפ ע-הוויי') צושטרייען, צוזייען, צושפרייטען; פטור ווערען פון עפעס.

sweep'-bar *n.* (סהוויעפ'-באר) ז. ***sway-bar***

swee'per *n.* (סהוויע'-פער) א קעהרער; איינער אדער עפעס וואס קעהרט; א מאשין צו קעהרען; א בוים וואס וואקסט ביים ברעג פון א טייך און איז אנגעבויגען מיט די צווייגען איבער'ן וואסער.

swee'ping *n. and a.* (סהוויע'-פינג) דאס קעהרען; דאס אויסקעהרען ווי מיט א בעזים; די אויסקעהרונג; א שוואונג; אויסקעהרענד, אבראמענד אלץ פון וועג; איבערוועלטיגענד; וואס איז גובר; אומפאסענד, ארומנעהמענד אלץ אדער אלעמען.

swee'ping-car *n.* (סהוויע'-פינג-קאר) א וואגאן מיט אזא מעכאנישען בעזים, וואס קעהרט אב שנעע און בלאטע פון די רעלסען פון אן אייזענבאהן.

swee'ping-day *n.* (סהוויע'-פינג-דיי) דער טאג ווען מען קעהרט אדער מען ראמט אויס [ווי א הויז א. ד. ג.].

swee'pingly *adv.* (סהוויע'-פינג-לי) אומפאסענדיג, ארומנעהמענדיג אלץ אדער אלעמען.

swee'pings *n.* (סהוויע'-פינגז) די צוזאמענגעקעהרטע מיסט; פסולת; אבפאל.

sweep'-net *n.* (סהוויעפ'-נעט) א שלעפ=נעץ, א גרויסע נעץ צו כאפען פיש; אזא נעץ צו כאפען אינזעקטען.

sweep off (סהוויעפ אף) ז. ***sweep away***

sweep'-saw *n.* (סהוויעפ'-סאה) א דין זעגעלע מיט וועלכען מען קען אויסזעגען פערשיעדענע קרימונגען.

sweep'stake *n. and adv.* (סהוויעפ'-סטייק) וועט=געלד וואס ווערט געשטעלט אין קאן פון עטליכע פערזאנען ביי א וועט=

לויף פון פערד און ווערט געוואונען פון איינעם אדער פון א פאר; אבגעווינענדיג אין גאנצען מיט אמאל; אלעס צוזאמען, הורטאם.

sweep'stakes *n.* (סהוויעפ'-סטייקס) וועט-געלד וואס ווערט איינגעלעגט פון עטליכע פערזאנען ביי א וועט-לויף פון פערד און ווערט געוואונען פון איינעם אדער א פאר; א פריז פון עטליכע סטאוועקס אין א וועט-קאמפף.

sweep the board (סהוויעפ טהי באורד) אין שפיעל — נעהמען אלץ, אלעס געווינען.

sweep the deck (סהוויעפ טהי דעק) אראבטראגען אדער אראברייסען אלעס פון דעם דעק פון שיף [ווי א גרויסע כוואליע אדער ווי די קוילען פון א פיינדליכער שיף]; אבגעווינען אלעס וואס געפינט זיך אויף'ן טיש [ביי קארטען-שפיעל]; אלעס אבגעווינען.

sweep the decks (סהוויעפ טהי דעקס) ז. ***sweep the deck***.

sweep the stakes (סהוויעפ טהי סטייקס) ז. ***sweep the board***.

sweep'-wash'er *n.* (סהוויעפ'-חוואש'-ער) איינער וואס וואשט ארויס פון די פסלת פון גאלד אדער זילבער קליינע שטיקלעך גאלד אדער זילבער.

swee'py *a.* (סהוויע'-פי) כוואליעדיג, וועלען-ארטיג; געבויגענע, געקרימט, געדרעהט; בייגיג, ווי מיט אן ארויסגעשטארצטען בויך.

sweet *a., adv. and n.* (סהוויעט) זיס; געשמאק; שמעקעדיג, וואס האט אן אנגענעהמען ריח; פריש; אנגענעהם, ליעבליך; זאנפט, גוטיג; פריינדליך; אנציהענד, בעצויבערענד, שעהן; אויף א זיסען אדער אנגענעהמען אופן; זיסקייט; געשמאקקייט; אנגענעהמיגקייט; עטוואס וואס האט אן אנגענעהמען ריח, פארפיום; א געליעבטער; א געליעבטע.

sweet'-and-twen'ty *a.* (סהוויעט-ענד-טהווענ'-טי) אנגענעהם און יונג.

sweet'-box *n.* (סהוויעט'-באקס) א קעסטעלע צו האלטען זיסיגקייטען.

sweet'bread *n.* (סהוויעט'-ברעד) זיס-פלייש [א געוויסער טייל פלייש פון האלז אדער פון בויך ביי א בהמה, וואס האט א זיסליכען געשמאק].

sweet'-breathed *a.* (סהוויעט'-ברעטהט) שמעקעדיג, וואס האט אן אנגענעהמען ריח.

sweet'brier *n.* (סהוויעט'-בראי-ער) די ווייןראזע, די רויט-ראזע [אזא ראזע וואס וואקסט אויף גרויסע, שטעכיגע בוימלעך].

sweet corn (סהוויעט קאהרן) זיסע קוקורוזע [טערקישע ווייץ].

swee'ten *v.* (סהוויעטן) פערזיסען, זיס מאכען; מאכען אנגענעהם אדער ליעבליך; מאכען מילד אדער זאנפט; מילדערען, לייכטער מאכען; מאכען שמעקעדיג; דערפרישען; מאכען פריש; מאכען ריין; פרוכטבאר מאכען; זיס ווערען.

sweet'ener *n.* (סהוויעט'-נער) א פערזיסער; איינער וואס מאכט פריש אדער ריין; איינער וואס מילדערט; א פארפיומירער; איינער וואס מאכט פרוכטבאר [ערד].

sweet'ening *n.* (סהוויעט'-נינג) א פערזיסונגס-מיטעל, א שטאף מיט וועלכען מען מאכט זיס [ווי צוקער, סיראפ א. ד. ג.]; פערזיסונג.

sweet'-fern' *n.* (סהוויעט'-פוירן') אזא אמעריקאנער שמעקעדיג בוימעל.

sweet'-flag' *n.* (סהוויעט'-פלעג') קאמעל-היי אדער איר [אזא שמעקעדיגע פלאנצע מיט שווערד-עהנליכע בלעטער].

sweet'-grass *n.* (סהוויעט'-גרעס) זיס-גראז [אזא גראז וואס בהמות עסען זעהר גערן].

sweet'heart *n. and v.* (סהוויעט'-הארט) א געליעבטער; א געליעבטע; שפיעלען די ראלע פון א ליעבהאבער; שפיעלען א ליעבע; זיך שדכנ'ען.

swee'ties *n.* (סהוויע'-טיז) צוקערקעס, קאנפעקטען, זיסיגקייטען.

swee'ting *n.* (סהוויע'-טינג) א זיסער עפעל; ליעבכען, געליעבטע.

sweet'ly *adv.* (סהוויעט'-לי) זיס; זאנפט, ליעבליך.

sweet'meats *n.* (סהוויעט'-מיעטס) זיסיגקייטען, צוקערקעס, קאנפעקטען; פרוכט איינגעפערגעלט אין צוקער.

sweet'ness *n.* (סהוויעט'-נעס) זיסקייט; געשמאקקייט; ליעבליכקייט.

sweet'-oil' *n.* (סהוויעט'-איל') אליווען-אויל.

sweet pea (סהוויעט פיע) שפאנישע וויקע [אזא קלעטערענדע פלאנצע מיט שמעקעדיגע בלומען].

sweet'-pea *n.* (סהוויעט'-פיע) ז. ***sweet pea***.

sweet pep'per-bush (סהוויעט פעפ-ער-בוש) אזא זארט שמעקעדיגער פעפער.

Sweet Pepper-bush

sweet'-pota'to *n.* (סהוויעט'-פא-טיי'-טאו) זיסער קארטאפעל [אזא זארט גרויסע לענגליכע קארטאפעל וועלכע זיינען זעהר זיס].

Sweet-potato

sweet'-reed *n.* (סהוויעט'-ריעד) ז. ***sorghum***.

sweet'root *n.* (סהוויעט'-רוהט) לאקריץ-ווארצעל, זיס-ווארצעל. ז. ***licorice***.

sweet'-rush *n.* (סהוויעט'-ראש) ז. ***sweet-flag***.

sweets *n.* (סהוויעטס) זיסיגקייטען; צוקערקעס, קאנפעקטען.

sweet'-scen'ted *a.* (סהוויעט'-סענ'-טעד) גוט-ריכענד, וואס האט אן אנגענעהמען ריח.

sweet sixteen' (סהוויעט סיקס-טיען') דאס אנגענעהמע אלטער פון 16 יאהר; א 16-יעהריגעס מיידעל.

sweet stuff (סהוויעט סטאף) זיסיגקייטען; צוקערקעס, קאנפעקטען.

sweet tea (סהוויעט טיע) ז. ***smilax***.

sweet'-tem'pered *a.* (סהוויעט'-טעמ'-פערד) פון אן אנגענעהמען כאראקטער.

sweet ver'nal grass (סהוויעט וואיר'-נעל גרעס) אזא גראז מיט אן אנגענעהמען ריח בעזאנדערס ווען עס בליהט [ווערט צוגעמישט צו היי צוליעב זיין גוטען ריח]. איל. ז. ***"Grasses and their Allies"***

sweet vi'olet (סהוויעט וואי'-א-לעט) דאס מערץ-פיילכען [א געוויסער זארט פיילכען-בלימלעך מיט זעהר אן אנגענעהמען ריח].

sweet'-wa'ter *n.* (סהוויעט'-הוואה'-טער) אזא זארט ווייסע זעהר זיסע וויין-טרויבען.

sweet'weed *n.* (סהוויעט'-הוויעד) אזא בוימעל וואס וואקסט אין טראפישע געגענדען פון אפריקא און אמעריקא און וואס זיינע בלעטער ווערען בענוצט אלס טהעע.

sweet'-wil'liam *n.* (סהוויעט'-הוויל'-יעם) די סטודענטען-נעלקע, די בארד-נעלקע [אזא גארטען-פלאנצע מיט גרויסע בלעטער און מיט שעהנע בלומען-בינטלעך].

Sweet-william

sweet'wood *n.* (סהוויעט'-הוואוד) אזא לארבער-בוים.

sweet'wort *n.* (סהוויעט'-הוואירט) א פלאנצע וואס האט א זיסען געשמאק.

swell *v., n. and a.* (סהוועל) אויפשוועלען, אויפלויפען, אויפגעהן; שטייגען; זיך אויפבלאזען; ווערען אויפגעשוואלען; ווערען אויפגעבלאזען; זיך בלאזען; אויפבלאזען; אויפהויבען; פערגרעסערען [דעם אומפאנג, די שטארקייט א. ד. ג.]; ווערען אויפגעלאפען אדער אויפגעגאנגען; אן אויפשוועלונג; אויפגעשוואלענקייט; אויפגעבלאזענקייט; דאס שטייגען; שטייגונג; אן ארויסשטארצונג [ווי א בויך]; א שטייגונג פון דער ערד [ווי א בארג]; א כוואליע, די אויפוואלונג פון ים נאך א שטורם; אין מוזיק — א שטופענווייזע שטייגונג פון טאן וואס פאלט נאכדעם שטופענווייז; א פארריכטונג אין א מוזיקאלישען אינסטרומענט העכער און נידריגער צו מאכען דעם טאן; א פערזאן וואס מאכט פון זיך גרויס פוראר, איינער וואס האלט פון זיך זעהר וויכטיג; עלעגאנט, גרויסארטיג.

swell'dom *n.* (סהוועל'-דאם) די עלעגאנטע געזעלשאפט, די עלעגאנטע וועלט, די "הויכע פענסטער".

swell′-fish *n.* (סהועל′-פיש) אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף רונד ווי א באל.

swell′ing *n. and a.* (סהועל′-אינג) א געשוואולסט, א געשווילעכץ; אויפגעבלאזענקייט; דאס בלאזען פון זיך; דאס זיין אויפגעבלאזען; אויפגעבראכטקייט [ווי פון צארן]; אן איבערשוועמונג אדער אויפוואלונג פון א וואסער; באמבאסטיש, אויפגעבלאזען [וועגען א רעדע].

swell′ish *a.* (סהועל′-איש) עלעגאנט, פראנטיש.

swell′-mob′ *n.* (סהועל′-מאב′) עלעגאנט=געקליידעטע קעשענע=גנבים.

swell′-mobs′man *n.* (סהועל′-מאבז′-מען) אן עלעגאנט=געקליידעטער קעשענע=גנב.

swell neigh′borhood (סהועל ניי′-באר-הוד) אן עלעגאנטע אדער רייכע נאכבארשאפט.

swel′ter *v.* (סהועל′-טער) פערשמאכטען אדער חלש׳ען פון היץ; דערשטיקט ווערען פון היץ; שוויצען פון היץ; דערשטיקען דורך היץ.

swel′tering *a.* (סהועל′-טער-אינג) שטיקענד [וועגען היץ]; חלש׳ענדיג אדער דערשטיקט ווערענדיג פון היץ.

swel′try *a.* (סהועל′-טרי) דערשטיקט ווערענדיג פון היץ.

swept (סהועפט) געקעהרט, אויסגעקעהרט א. ז. וו. ז. ***sweep***

swerve *v and n.* (סהוואירוו) זיך פלעצליך אראבקעהרען אן א זייט [פון וועג אדער פון דער ריכטונג]; אבווענדען אן א זייט, ענדערען די ריכטונג; וואנדערען, בראדזשען; אן אבווענדונג אדער אבקעהרונג אן א זייט.

swift *a., adv. and n.* (סהוויפט) שנעל, פלינק, געשווינד; בערייט, פערטיג, וויליג; מיט שנעלקייט; אויף א געשווינדען אופן; א פאדים=וויקלער [אזא מאשינקע וואס מען קען פערשיעדען איינשטעלען צום וויקלען פאדים]; די מויער=שוואלב, די שטיין=שוואלב [אזא שוואלב=ענהליכעס פויגעלע וואס פליהט זעהר שנעל]; אזא זארט הויזטויב; אזא קליינער עקדעש [יאשטשערקע] וואס לויפט זעהר שנעל; אזא קליינע וואסער=יאשטשערקע; א שטארק שטראמיגער ארט אין א טייך.

swift′-foot′ed *a.* (סהוויפט′-פוט′-עד) שנעל=פיסיג, פלינק אויף די פיס.

swift′-han′ded *a.* (סהוויפט′-הענ′-דעד) שנעל אין האנדלונגען, פלינק אין דער ארבייט.

swift′-heeled *a.* (סהוויפט′-היעלד) שנעל=פיסיג, פלינק אויף די פיס.

swift′ly *adv.* (סהוויפט′-לי) מיט שנעלקייט; אויף א פלינקען אופן.

swift′ness *n.* (סהוויפט′-נעס) שנעלקייט, געשווינדקייט, פלינקקייט.

swift′-winged *a.* (סהוויפט′-הווינגד) וואס פליהט שנעל.

swig *v. and n.* (סהוויג) טרינקען מיט גרויסע שלוקען; זופען; זויגען; נעהמען א גרויסען שלוק אדער זופ; אנציהען א שטריק פעסט פאר ביידע ענדען; א גרויסער זופ אדער שלוק; א שטארקע אנציהונג פון א שטריק פאר ביידע ענדען.

swill *v. and n.* (סהוויל) טרינקען מיט׳ן פולען מויל; זויפען; שכור׳ען; אנפילען, פול מאכען; וואשען; שווענקען; משקה, שנאפס; פאמויניצע=וואסער וואס מען גיט בהמות.

swill′er *n.* (סהוויל′-ער) א שכור, א זויפער, א טרינקער; א געפעס=וואשער, א כלים=וואשער.

swil′ley *n.* (סהוויל′-אי) א קליינעס קויהלען=פעלד וואס איז אבגעטיילט פון הויפט=פעלד; א וואסער=ווירבעל.

swill′ing *n.* (סהוויל′-אינג) דאס זויפען, זויפעריי; דאס שכור׳ען.

swill′ings *n.* (סהוויל′-אינגז) פאמויניצע=וואסער.

swill′-milk *n.* (סהוויל′-מילק) מילך פון א קוה וואס ווערט געקארמעט [געפיטערט] מיט פאמויניצעס.

swim *v. and n.* (סהווים) שווימען; זיך זאנפט און לייכט בעוועגען; זיין איבערשוועמט, פערפלייצט ווערען; שווינדלען, זיך דרעהען [וועגען קאפ]; איבערשווימען, דורכשווימען; דאס שווימען; א שווים; א זאנפטע, לייכטע בעוועגונג; דער פענכער פון א פיש; א קאפ=שווינדעל.

swim′mer *n.* (סהווים′-ער) א שווימער; א שווים=טהיער; א שווים=פויגעל; עטוואס וואס שווימט; א שווים=פענכער; אן ארויס=שטארצונג אדער אנוואוקס אויף א פוס פון א פערד.

swim′ming *a. and n.* (סהווים′-אינג) שווימענד; וואס שווימט; איבערפילט, פערגאסען, פערשוואומען [ווי די אויגען מיט טרעהרען]; דאס שווימען; קאפ=שווינדעל.

swim′ming-bath *n.* (סהווים′-אינג-בעטה) א שווים=באד, א שווים=וואנע [א גרויסע וואנע אין וועלכער מען קען שווימען].

swim′ming-belt *n.* (סהווים′-אינג-בעלט) א שווים=גארטעל [אזא גארטעל וואס האלט דעם קערפער אויף׳ן וואסער און לאזט איהם ניט זינקען].

swim′ming-blad′der *n.* (סהווים′-אינג-בלעד′-ער) דער פענכער פון א פיש.

swim′ming jack′et (סהווים′-אינג רזשעק′-עט) א שווים=יאק [אזא יאק וואס האלט דעם קערפער אויף׳ן וואסער און לאזט איהם ניט זינקען].

swim′mingly *adv.* (סהווים′-אינג-לי) אזוי ווי שווימענדיג; גרינג און שנעל; מיט ערפאלג.

swim′mingness *n.* (סהווים′-אינג-נעס) דאס שווימען, שווימעריי; פערשוואומענקייט, דאס זיין פערגאסען אדער פערשוואומען ווי מיט טרעהרען [וועגען די אויגען].

swim′ming-pond *n.* (סהווים′-אינג-פאנד) א שווים=סאזשעלקע [צום לערנען זיך שווימען].

swim′ming-school *n.* (סהווים′-אינג-סקוהל) א שווים=שול [א פלאץ וואו מען לערענט שווימען].

swim′ming-spi′der *n.* (סהווים′-אינג-ספאי′-דער) א וואסער=שפין, א שווים=שפין.

swim′ming-stone *n.* (סהווים′-אינג-סטאון) א שווים=שטיין [אזא לייכטער פלינט=שטיין].

swim with the tide (סהווים הוויטה טהי טאיד) שווימען מיט׳ן שטראם [געהן מיט דער אלגעמיינער ריכטונג, זיך ניט שטעלען אנטקעגען, ניט קעמפפען].

swin′dle *v. and n.* (סהווינדל) שווינדלען, בעשווינדלען, בעטריגען; שווינדעל; בעטרוג.

swin′dler *n.* (סהווינ′-דלער) א שווינדלער, א בעטריגער.

swin′dlery *n.* (סהווינ′-דלער-אי) שווינדלעריי.

swin′dling *a.* (סהווינ′-דלינג) שווינדלענד, בעטריגענד.

swine *n.* (סהוואין) א שוויין, א חזיר; חזירים; א געמיינער, נידריג׳ער מענש, א פאסקודניאק.

swine′-bread *n.* (סהוואינ′-ברעד) דאס שוויין=ברויט [אזא ווילדע פלאנצע וועלכע חזירים עסען גערן]; די ערד=נוס; אזא שוועמעל.

swine′fish *n.* (סהוואינ′-פיש) דער ים=וואלף. ז. ***wolf-fish***

swine′-flesh *n.* (סהוואינ′-פלעש) חזיר=פלייש, שוויין=פלייש.

swine′herd *n.* (סהוואינ′-הוירד) א חזיר=פאסטוך.

swine′-pox *n.* (סהוואינ′-פאקס) ווינד=פאקען. ז. ***chicken-pox***

swi′nery *n.* (סהוואי′-נער-אי) א פלאץ וואו מען האלט חזירים; א סטאדע חזירים; א קאמפאניע פאסקודניאקעס.

swine′s pox (סהוואינז פאקס) ז. ***swine-pox***

swine′stone *n.* (סהוואינ′-סטאון) דער שטינק=שטיין [אזא שטיין וועלכער לאזט ארויס א שלעכטען ריח, ווען מען גיט איהם א קלאפ].

swine′-sty *n.* (סהוואינ′-סטאי) א חזיר=שטאל.

swine′ward *n.* (סהוואינ′-הווארד) ז. ***swineherd***

swing *v. and n.* (סהווינג) שווינגען; זיך וויעגען, זיך שאקלען, זיך הוידען; הענגען אויף דער תליה; זיך דרעהען ארום דעם אנקער [וועגען א שיף]; וויעגען, שאקלען; בעוועגען הין און הער; פערוואלטען; קאנטראלירען; אויפהענגען; דאס שווינגען; א שוואונג; א שאקעל; א שווינגונג; דאס וויעגען; א הוידעלקע, א וויעג; דער פרייער גאנג אדער לויף [פון פאסירונגען]; די פרייע בעוועגונג; די ברייט פון דעם רוים אין א דרעקסעל אדער טאקער=מאשין וואו עס ווערט אריינגעשטעלט דער געגענשטאנד וואס דארף געטאקט ווערען.

swing around′ (סהווינג ע-ראונד′) זיך דרעהען אין דער רונד; שטענדיג ענדערען די מיינונגען.

swing a ship (סהווינג ע שיפ) דרעהען א שיף אין דער רונד, אום אויסצוגעפינען די אבווייכונגען פון קאמפאס.

swing′-back *n.* (סהווינג′-בעק) א בעוועגליכעס הינטער=ווענטעל אין א פאטאגראפישער קאמערא.

swing′-boat *n.* (סהווינג′-באוט) א שאטעל שיפעל [אזא וויעג אדער הוידעלקע].

swing′-bridge *n.* (סהווינג′-ברידזש) א דרעה=בריק [א בריק אדער א טייל פון איהם, וואס קען אוועקגעדרעהט ווערען כדי דורכצולאזען שיפען].

swing clear (סהווינג קליער) זיך פעראנקערען אהן וועלכען עס איז צוזאמענשטוים; זיך ארויסדרעהען.

swinge *v. and n.* (סהווינדזש) שלאגען; שמייסען, בעשטראפען; צונויפשמיערען, צונויפשווייסען מיט א האמער; דאס שמייסען, דאס שלאגען.

swinge′-buck′ler *n.* (סהווינדזש′-באק′-לער) ז. ***swasher***

swinge′ing *a.* (סהווינדזש′-אינג) זעהר גרויס, ריעזיג; שווער; אונגעהייער.

swinge′ingly *adv.* (סהווינדזש′-אינג-לי) מיט ריעזיגער גרויסקייט.

swing′er *n.* (סהווינג′-ער) א וויעגער, איינער, וואס וויעגט; איינער וואס וויעגט

זיך; עטוואס ריעזינעס אדער וואונדערליכעס; א ריעזיגער ליגען.

swing'-han'dle *n.* (סהווינג'-הענ'דל) א שווינגענדעס אדער דרעהבארעס הענטעל.

swing'ing *n. and a.* (סהווינג'-אינג) דאס שווינגען; דאס וויעגען; שווינגענד; וואס וויעגט זיך, וויעגענד; זיך וויעגענד; ריעזיג גרויס, אונגעהייער, געוואלטיג.

swing'ing door (סהווינג'-אינג דאור) א העננגטהיר, א שווינג=טהיר, א טהיר וואס עפענט זיך סאי נאך אינוועניג סאי נאך אויסען.

swing'ingly *adv.* (סהווינג'-אינג-לי) שווינגענדיג, וויעגענדיג; ריעזיג גרויס, אונגעהייער, געוואלטיג.

swing'ing-post *n.* (סהווינג'-אינג-פאוסט) א זייל אדער קלאץ, אויף וועלכען עס העננגט א טויער.

swing'ism *n.* (סהווינג'-איזם) דאס שיקען סטראשונקעס [איינשרעקונגען] דורך בריעף [אין בעצוג צו די איינשרעקונגס=בריעף, וועלכע זיינען אין ענגלאנד געשיקט געווארען אין די יאהרען 33—1830 צו די לאנד=בעזיצער, אז זיי זאלען ניט געברויכען קיין דרעש=מאשינען, אז זיי זאלען צאהלען א העכערען לוין זייערע ארבייטער א. ז. וו. די בריעף פלעגען זיין אונטערגעשריעבען מיט דעם נאמען "*Swing*"].

swin'gle *n. and v.* (סהווינגל) א פלאקס=שווינגע, א פלאקס=דרעש=לאפעטקע [אזא לאפעטקע צום אויסקלאפען די שבּלעס פון פלאקס [ז. *scutching-sword*]; אזא הענטעל אדער גריף ביי געוויסע מאשינען; אויסקלאפען די שפאלעס פון פלאקס מיט א דרעש=לאפעטקע; אבשניידען די שפיצען פון גראז ניט ארויסרייסענדיג דיווארצלען; הענגען, שוועבען, שווינגען.

swin'gletree *n.* (סהווינ'גל-טריע) דער שווענגעל פון א וואגען [דער קוואער=שטענגעל פון א וואגען צו וועלכען עס ווערען בעפעסטיגט די פאסטראמקעס].

swin'gling-knife *n.* (סהווינ'-גלינג-נאיף) א פלאקס=שווינגע, א פלאקס=דרעש=לאפעטקע. ז. *swingle*.

swin'gling-machine' *n.* (סהווינ'-גלינג-מע-שין') א מאשין צום אויסקלאפען די שפאלעס פון פלאקס.

swing o'pen (סהווינג אופן) זיך עפענען [וועגען א טהיר].

swing'-plow *n.* (סהווינג'-פלאו) א שווינג=פלוג, א פלוג [אקער=אייזען] אהן רעדער.

swing'-shelf *n.* (סהווינג'-שעלף) א העננגענדע פאליצע.

swing'-swang *n.* (סהווינג'-סהוועגג) א שווינגונג, א שאקלונג היין און הער.

swing'tree *n.* (סהווינג'-טריע) ז. *swingletree*.

swing'-wheel *n.* (סהווינג'-הוויעל) דאס רעדעל אין א זייגער וואס טרייבט דעם פערפענדיקעל [אונרוה].

swi'nish *a.* (סהוואי'-ניש) שווייניש, חזיר'ש.

swi'nishly *adv.* (סהוואי'-ניש-לי) אויף א חזיר'שען אופן, מעשה חזיר.

swi'nishness *n.* (סהוואי'-ניש-נעס) שווייגעריי, חזיריי.

swipe *n. and v.* (סהוואיפ) א שטארקער קלאפ; א קלאפ מיט'ן פולען שוואונג; א קלאפ טהאן מיט שוואונג; געבען א שטארקען קלאפ; אוועקשלעפען; אוועקלקחנ'ען, אוועק'גנב'ענען.

swi'per *n.* (סהוואי'-פער) א שטארקער שלעגער; איינער וואס קען געבען א שטארקען קלאפ.

swipes *n.* (סהוואיפס) שלעכטעס אדער פראסטעס ביער.

swi'pey *a.* (סהוואי'-פי) בעטרונקען, שכור.

swip'le *n.* (סהוויפל) ז. *swipple*.

swip'ple *n.* (סהוויפל) דער טייל פון א דרעש=שלעגעל וואס קלאפט די קערנער [אין געגענזאץ צו דעם טייל וואס ווערט געהאלטען אין דער האנד].

swire *n.* (סהוואיר) א פערטיעפונג אין דעם שפיץ פון א בארג; א לאך צווישען צוויי בערג.

swirl *v. and n.* (סהוואירל) מאכען א ווירבעל; ווירבלען [ווי א שנעע=שטורם, ווי א ווינד אדער ווי וואסער אין א קעסעל=גרוב]; זיך דרעהען אין דער רונד; א ווירבעל; א ווירבעל=בעוועגונג פון א פיש; א ווינדונג, א קרויז.

swir'ly *a.* (סהוואיר'-לי) ווירבלענד; פול מיט סוקען [סענקעס].

swish *v., n. and adv.* (סהוויש) פאכען היין און הער; שמייסען; א פאך טהאן; א סוויסטש ווי פון א בייטש ווען מען פאכט מיט איהם אין דער לופט; א פאך מיט עפעס וואס ברייגנט ארויס אזא קלאנג; א פלעשטשען פון וואסער; מיט א סוויסטש.

swish'-broom *n.* (סהוויש'-ברוהם) אזא פינזעל אדער קליין בעזימעל צו בעשפרענקלען מיט וואסער אדער צום רייניגען.

swish'er *n.* (סהוויש'-ער) א שמייסער.

Swiss *n. and a.* (סהווים) א שווייצער, אן איינוואהנער אדער געבירטיגער פון דער שווייץ; שווייצעריש, וואס איז שייך צו אדער וואס קומט פון דער שווייץ.

switch *n. and v.* (סהוויטש) א רוט, א וויטשקע, א שטעקעל; אן עלעקטרישער שאלטער [א פארריכטונג צו ענדערען, צו פערבינדען און אונטערצוברעכען אן עלעקטרישען שטראם]; אן אייזענבאהן=ווייכע [א בעוועגליכע רעלסע אריבערצונעהמען אן אייזענבאהן=צוג אדער איינצעלנע וואגנען פון איין ליניע אויף אן אנדערער]; א רעגוליר=פארריכטונג ביי גאז=לאמפען; דאס איבערשטעלען אן אייזענבאהן=ווייכע; א צאפ פון פרעמדע האר וואס פרויען פלעכטען איין אין זייערע אייגענע האר; שמייסען מיט א רוט; פאכען היין און הער; אריבערפיהרען פון איין רעלסען=ליניע צו א צווייטער מיט דער הילף פון א ווייכע [בעוועגליכע רעלסע]; ענדערען די רעלסען=ליניע; ענדערען דעם עלעקטרישען שטראם, איבערשטעלען דעם שטראם; האקען, שניידען.

switch'back *n. and a.* (סהוויטש'-בעק) אן אייזענבאהן, וועלכע געהט אויף בערג און אין טהאלען ארויף און אראב; וואס האט אן אבוועקסלענדע בעוועגונג [וואס געהט ארויף און אראב ווי אן אייזענבאהן אויף בערג און אין טהאלען].

switch'board *n.* (סהוויטש'-באורד) א שאלט=ברעט [א ברעט, א קעסטעל אדער געשטעל וואו די דראטען פון אן עלעקטרישער איינריכטונג קומען זיך צונויף און וואו דער עלעקטרישער שטראם קען אויף פערשיעדענע אופנים פערבונדען און אונטערבראכען ווערען, ווי ביי א טעלעגראף, טעלעפאן, בעלייכטונג א. ז. וו.].

switch'el *n.* (סהוויטש'-על) אזא געטראנק פון וואסער, סיראפ און עסיג.

switch'er *n.* (סהוויטש'-ער) ז. *switchman*.

switch'ing *n.* (סהוויטש'-אינג) דאס שמייסען מיט א רוט; דאס ארומהאקען אדער ארומשניידען; דאס ענדערען דעם עלעקטרישען שטראם.

switch'ing-en'gine *n.* (סהוויטש'-אינג-ענ'-דזשין) א לאקאמאטיוו וואס ווערט בענוצט צום איבערפיהרען וואגאנען פון איין רעלסען=ליניע אויף א צווייטער, צום צונויפשטעלען די וואגאנען אין א צוג א. ד. ג.

switch'ing-ground *n.* (סהוויטש'-אינג-גראונד) א פלאץ וואו וואגאנען ווערען איבערגעפיהרט פון איין רעלסען=ליניע אויף א צווייטער זיי צונויפצושטעלען אין א צוג.

switch'-lev'er *n.* (סהוויטש'-לעוו'-ער) דאס הענטעל מיט וועלכען מען שטעלט איבער אן אייזענבאהן=ווייכע [א בעוועגליכע רעלסע].

switch'man *n.* (סהוויטש'-מען) א ווייכען=שטעלער [דער וואס שטעלט איבער די בעוועגליכע רעלסע ווען אן אייזענבאהן=צוג דארף איבערגעהן פון איין רעלסען=ליניע אויף דער אנדערער].

switch'-ten'der *n.* (סהוויטש'-טענ'-דער) ז. *switchman*.

Swit'zer *n.* (סהוויט'-סער) א שווייצער; איינער פון דער שווייצארישער לייב=גוואַרדיע ביים פאפסט; א סאלדאט פון א קעניגליכער אדער פאפסטליכער לייב=גוואַרדיע.

Swit'zerland *n.* (סהוויט'-סער-לענד) שווייץ.

swiv'el *n. and v.* (סהוויוול) א דרעה=רינג [אזא פערבינדונגס=רינג אין וועלכען ביידע טיילען וואס ווערען דורך איהם פערבונדען קענען זיך פריי דרעהען]; דאס שיפעל פון א וועב=שטוהל צום וועבען באנד; א הארמאט וואס דרעהט זיך אויף א דרעה=רינג אדער אקס; זיך דרעהען ווי אויף א שטיפט אדער דורך א דרעה=רינג; דרעהען ווי דורך א דרעה=רינג אדער ווי אויף א שטיפט.

Swivel

swiv'el-bridge *n.* (סהוויוו'ל-ברידזש) א דרעה=בריק. ז. *swing-bridge*.

swiv'el-eye *n.* (סהוויוו'ל-אי) א קאסאקע אדער קרום אויג.

swiv'el-eyed *a.* (סהוויוו'ל-איד) קאסאקע, קרום=אויגיג.

swiv'el-gun *n.* (סהוויוו'ל-גאן) א הארמאט וואס דרעהט זיך אויף אן אקס אדער דרעה=רינג.

swiv'el-hook *n.* (סהוויוו'ל-הוק) א האקען אדער קרוק, וואס איז בעפעסטיגט צו א קייט אדער שטריק דורך א דרעה=רינג.

swiz'zle *v. and n.* (סהוויזל) "ארייננייסען", זויפען, שכור'ען; א מין משקה.

swob *v. and n.* (סהוואב) ז. *swab*.

swob'ber *n.* (סהוואב'-ער) ז. *swabber*.

swollen *a.* (סהוואולן) געשוואלען, אויפגעבלאזען; איבערפילט, איבערשוועמט. ז. *swell*.

swoln *a.* (סהוואולן) ז. *swollen*.

swoon *v. and n.* (סהוואוהן) פאלען אין אונמאכט, חלש'ען; אונמאכט, חלשות.

swoo'ning *n.* (סהוואוה'-נינג) דאס חלש'ען, דאס פאלען אין אונמאכט.

swoo'ningly *adv.* (סהוואוה'-נינג-לי) אין חלשות, חלש'ענדיג.

swoop *v. and n.* (סהוואוהפ) זיך אראב־לאזען פלוצלונג אויף'ן רויב [ווי א פאלק־פויגעל]; אנפאלען אויף עפעס און פער־כאפען; כאפען; דאס אנפאלען פלוצלונג אויף'ן רויב און כאפען איהם [ווי א רויב־פויגעל]; א פלעצליכער אנפאל [ווי פון שונא].

swop *n., v. and adv.* (סהוואפ) ז. *swap*.

sword *n.* (סאורד) 1. א שווערד, א דע־גען; 2. די מאכט פון שווערד; די מילי־טערישע מאכט אדער הערשונג; 3. שטרייט, מלחמה; 4. עפעס וואס איז עהנליך צו א שווערד; דער שנויץ פון א שווערד־פיש [ז. *swordfish*].

3. I came not to bring peace, but a sword.

sword'-arm *n.* (סאורד'-ארם) ז. *sword-hand*.

sword'-belt *n.* (סאורד'-בעלט) א שווערד־גארטעל, דער גארטעל אדער פאס, אויף וועלכען עס הענגט די שווערד.

sword'-blade *n.* (סאורד'-בלייד) א קלינג פון א שווערד.

sword'-cane *n.* (סאורד'-קיין) אזא שפאציער־שטאק, וועלכער ענטהאלט אין זיך א שווערד.

sword'-cut *n.* (סאורד'-קאט) א שניט פון א שווערד; די וואונד פון אזא שניט.

sword'-cut'ler *n.* (סאורד'-קאט'-לער) א שווערד־מאכער, א שווערד־שמיעד.

sword'-dance *n.* (סאורד'-דענס) א טאנץ מיט שווערדען; א טאנץ צווישען אויסגעשטעלטע בלויזע שווערדען.

swor'ded *a.* (סאור'-דעד) בעוואפענט מיט א שווערד.

sword'fish *n.* (סאורד'-פיש) דער שווערד־פיש, א גרויסער ים־פיש מיט א לאנגען שטעכיגען שנויץ ווי א שווערד.



Swordfish

sword'fishing *n.* (סאורד'-פיש-אינג) דאס כאפען שווערד־פיש. ז. *swordfish*.

sword'-grass *n.* (סאורד'-גרעס) די שווערד־ליליע [א מין גראז מיט א צי־בעלעס־פערמיגען ווארצעל, שווערד־פערמי־גע בלעטער און געלבע אדער רויטע בלי־הונגען]; ריעד־גראז.

sword'-hand *n.* (סאורד'-הענד) די האנד וואס האלט די שווערד; די רעכטע האנד.

sword'-knot *n.* (סאורד'-נאט) א שווערד־קניפעל, א שווערד־שלייף [א שלייפעל, וואס איז אנגעבונדען אן דעם שטיעל פון א שווערד].

sword'-law *n.* (סאורד'-לאה) דאס שווערד־רעכט, דאס רעכט פון כח, דאס רעכט פון שטארקערען; מיליטערישע הערשונג.

sword'less *a.* (סאורד'-לעס) אהן א שווערד.

sword'-lil'y *n.* (סאורד'-ליל'-אי) די שווערד־ליליע. ז. *sword-grass*.

sword'man *n.* (סאורד'-מען) א שווערד־פעכטער, איינער וואס קען פעכטען מיט דער שווערד; א סאלדאט.

sword of Dam'ocles (סאורד אוו דעמ'-א-קליז) דאמאקלעס'עס שווערד, דער חלף אויף'ן האלז, א דראהענדע געפאהר וואס הענגט אימער איבער'ן קאפ [דער אויסדרוק "דאמאקלעס'עס שווערד" נעהמט זיך פון אן אלט־גריכישער ערצעהלונג וועגען דעם בעוואוסטען הערשער פון סיראקוז, דיאניסאס. ביי דיעזען דיאניסאס איז געווען א פריינד דאמאקלעס, וועלכער פלעגט שטענדיג רעדען פון דיאניסאס'עס גליק, וואס ער איז אן אונבעגרענצטער הערשער. כדי צו בעווייזען דאמאקלעס'ען, אז דאס גליק צו זיין א הערשער איז אי־מער פערבונדען מיט דער געפאהר ערמאר־דעט צו ווערען, האט ער געהייסען אני־דערזעצען איהם אויף'ן טראהן און איבער זיין קאפ אויפהענגען א שווערד וואס איז געווען צוגעבונדען צו איין האר].

sword'-play *n.* (סאורד'-פליי) שווער־דען־שפיעל; דאס פעכטען מיט שווערדען; די פעכט־קונסט; א טאנץ מיט שווערדען.

sword'-play'er *n.* (סאורד'-פליי'-ער) איינער וואס איז געאיבט אין פעכטען מיט א שווערד, א פעכטער.

sword'-proof *a.* (סאורד'-פרוהף) וואס קען בייסטעהן אדער אויסהאלטען א קלאפ פון א שווערד.

sword'-shaped *a.* (סאורד'-שייפט) שווערד־פערמיג [וועגען פלאנצען].

swords'man *n.* (סאורדז'-מען) א גע־איבטער פעכטער.

swords'manship *n.* (סאורדז'-מען-שיפ) די פעכט־קונסט.

sword'-stick *n.* (סאורד'-סטיק) א שווערד־שטאק [א שטאק מיט א דעגען]. ז. *sword-cane*.

swore (סהוואור) געשווארען, געפלוכט. ז. *swear*.

sworn (סהוואורן) געשווארען, געפלוכט. ז. *swear*.

sworn broth'ers (סהוואורן בראטה'-ערז) געשווארענע ברידער אדער חברים; זעהר טרייע פריינד.

sworn en'emies (סהוואורן ענ'-ע-מיז) געשווארענע פיינד; מענשען, וועל־כע פיהלען אן אייביגע שנאה איינער צום אנדערען.

sworn friends (סהוואורן פרענדז) גע־שווארענע פריינד; פריינד, וועלכע זיינען אייביג טריי איינער דעם אנדערען.

swum (סהוואם) געשוואומען. ז. *swim*.

swung (סהוואנג) געשוואונגען, געוויעגט, געשאקעלט א. ז. וו. ז. *swing*.

Syb'arite *n.* (סיב'-ע-ראיט) א סיבא־ריט, אן איינוואהנער פון דער פארצייטי־גער שטאדט סיבאריס, אין דרום־איטא־ליען, וועלכע האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר רייכטום און לוקסוס; א ליעבהאבער פון תענוגים און לוקסוס.

Sybarit'ic *a.* (סיב-ע-ריט'-איק) סיבא־ריטיש, וואס איז שייך צו א סיבאריט; איבערגעגעבען צו תענוגים און לוקסוס.

Sybarit'ical *a.* (סיב-ע-ריט'-אי-קעל) ז. *Sybaritic*.

syb'aritism *n.* (סיב'-ע-ראי-טיזם) סי־באריטיזם, די איבערגעגעבענהייט צו תענוגים און לוקסוס.

sybot'ic *a.* (סאי-באט'-איק) וואס איז שייך צו א חזיר־פאסטוך אדער צו חזירים־פיטערונג.

sy'botism *n.* (סאי'-בא-טיזם) דאס פי־טערען חזירים.

syc'amore *n.* (סיק'-ע-מאור) די סיקא־מאר [אן ארט פייגענבוים]; די פרוכט פון א סיקאמאר, די סיקאמאר־פייג.

Sycamore

sycee' *a. and n.* (סאי-סיע') ריין; ריין זילבער, פיין־זילבער. ז. *sycee-silver*.

sycee'-sil'ver *n.* (סאי-סיע'-סיל'-ווער) דאס כינעזישע סיסעע־זילבער [שטיקלעך פון ריינעם זילבער, ניט אויסגעפרעגטע אין מטבעות, וואס דיענען אין כינא אלס געלד].

sychnocar'pous *a.* (סיק-נא-קאר'-פאס) אין באטאניק — וואס בריינגט פיעל מאל פרוכטען.

sy'cite *n.* (סאי'-סאיט) דער פייגען־שטיין [א קיזעל־שטיין אדער פייער־שטיין וואס איז עהנליך צו א פייג].

syc'ophancy *n.* (סיק'-א-פען-סי) שמיי־כלעריי, חניפה.

syc'ophant *n., a. and v.* (סיק'-א-פענט) א סיקאפאנט, א שמייכלער, א חונף; א טעלער־לעקער; א מוסר, א פערליימ־דער; פאראזיטיש, קריכעריש; קנעכטיש; וואס לעקט זיך אונטער; חנפ'ענען, שמייכ־לען; זיך אונטערלעקען; אבדערצעהלען, מסור'ען, פערלוימדען.

sycophan'tic *a.* (סיק-א-פען'-טיק) סיקאפאנטיש, שמייכלעריש, טעלער־לעקע־ריש; פערלוימדעריש.

sycophan'tical *a.* (סיק-א-פען'-טי-קעל) ז. *sycophantic*.

syc'ophantish *a.* (סיק'-א-פען-טיש) סיקאפאנטיש, ווי א סיקאפאנט. ז. *sycophant*.

syc'ophantism *n.* (סיק'-א-פען-טיזם) ז. *sycophancy*.

syc'ophantize *v.* (סיק'-א-פען-טאיז) שמייכלען, חנפ'ענען; אבדערצעהלען.

syc'ophantry *n.* (סיק'-א-פען-טרי) ז. *sycophancy*.

syco'sis *n.* (סאי-קאו'-סיס) אין מעדי־צין — סיקאזיס, אן ענטצינדונג פון דער הויט אונטער די האר פון דער בארד אדער פון קאפ.

sy'enite *n.* (סאי'-ע-נאיט) דער סיעניט, א שווארצע זאמדיגע בערג־מאסע, עהנליך צו גראניט.

syenit'ic *a.* (סאי-ע-ניט'-איק) סיעני־טיש; וואס ענטהאלט סיעניט; עהנליך צו סיעניט. ז. *syenite*.

syllaba'rium *n.* (סיל-ע-ביי'-רי-אם) ז. *syllabary*.

syl'labary *n.* (סיל'-ע-בע-רי) א פער־צייכניס אדער ליסטע פון די זילבען־פאר־מען פון א שפראך.

syllab'ic *a.* (סי-לעב'-איק) סילאביש, זילביג, פון זילבען; וואס איז שייך צו זיל־

בען; אויסגעשפּראָכען שאַרף א זילבע נאָך א זילבע.

syllab'ical *a.* (סי-לעב'-אי-קעל) ז. *syllabic*.

syllab'ically *adv.* (סי-לעב'-אי-קעל-אי) זילבענווייז; אויסרעדענדיג שארף איין זילבע נאך דער אנדערער.

syllab'icate *v.* (סי-לעב'-אי-קייט) ז. *syllabify*.

syllabica'tion *n.* (סי-לעב-אי-קיי'-שאן) ז. *syllabification*.

syllabifica'tion *n.* (סי-לעב-אי-פי-קיי'-שאן) די זילבען-בילדונג; די איינטיילונג אין זילבען.

syllab'ify *v.* (סי-לעב'-אי-פאי) איינטיילען [א ווארט] אין בעזונדערע זילבען.

syl'labist *n.* (סיל'-ע-ביסט) איינער וואס בילדעט אויס זילבען; איינער וואס טיילט איין א ווארט אין זילבען.

syl'labize *v.* (סיל'-ע-באיז) ז. *syllabify*.

syl'lable *n. and v.* (סיל'-עבל) א זילבע [א טייל פון א ווארט וואס בעשטעהט פון א וואקאל אדער פון א וואקאל מיט א קאנסאנאנט און קען אויסגעשפּראכען ווערען בעזונדער]; צוטיילען אין זילבען; אויסשפּרעכען; אויסדריקען.

syl'lable-name *n.* (סיל'-עבל-ניים) דער זילבען-נאמען פון א נאטע [ווי דא, רע, מי א. ז. וו., אין געגענזאץ צו דער בעצייכנונג פון נאטען דורך בוכשטאבען, ווי: *c*, *d*, *e* א. א. ז. וו.].

syl'lable-stum'bling *n.* (סיל'-עבל-סטאמ'-בלינג) דאס פעראיקען זיך, דאס פעראיקען זיך ביי געוויסע זילבען.

syl'labling *n.* (סיל'-ע-בלינג) ז. *syllabification*.

syl'labub *n.* (סיל'-ע-באב) ז. *sillibub*.

syl'labus *n.* (סיל'-ע-באס) אן אויסצוג, א קיצור, דער תכן הענינים; ביי די קאטוליקען — דער סילאבוס [א ליסטע פון 80 לעהרען, ווי סאציאליזם, ראציאנאליזם, פאנטעאיזם א. ז. וו., וועלכע זיינען פערדאמט געווארען פון'ם פאפּסט פיאוס דעם נייננטען אין 1864 אלס אפיקורס'ישע].

syllep'sis *n.* (סי-לעפּ'-סיס) די סילעפּסיס [אין גראמאטיק — די איבעראיינשטימונג פון פּרעדיקאט מיט איינעם פון א גאנצער צאהל סוביעקטען, ווי למשל: "ער אדער זיי זיינען דערביי געוועזן"; אין רעטאריק — דאס ברויכען איינס און דאסזעלבע ווארט אין איין זאץ אי אין בוכשטעבליכען זינען אי אין פיגוראטיווען, ווי למשל: "זיינע רייד זיינען זיסער ווי האניג"].

syllep'tic *a.* (סי-לעפּ'-טיק) וואס ענטהאלט א סילעפּסיס; וואס האט די אייגענשאפטען פון א סילעפּסיס. ז. *syllepsis*.

syllep'tical *a.* (סי-לעפּ'-טי-קעל) ז. *sylleptic*.

syllep'tically *adv.* (סי-לעפּ'-טי-קעל-אי) דורך א סילעפּסיס; אויסדריקענדיג מיט א סילעפּסיס. ז. *syllepsis*.

syl'loge *n.* (סיל'-א-דזשי) א זאמלונג, א קאלעקציאן.

syl'logise *v.* (סיל'-א-דזשאיז) ז. *syllogize*.

syl'logism *n.* (סיל'-א-דזשיזם) א סילאגיזם, א לאגישע שלוספאלגערונג, וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט פון דריי זעצע, וואו דער לעצטער זאץ איז א נויטיגער שלוס פון די ערשטע צוויי [ווי למשל: 1) דער וואס האט ניט קיין פליגלען קאן ניט פליהען; 2) א מענש האט ניט קיין פליגלען; 3) פאלגליך, א מענש קאן ניט פליהען].

syllogis'tic *a. and n.* (סיל-א-דזשיס'-טיק) וואס געהערט צו א סילאגיזם; וואס בעשטעהט פון א סילאגיזם; אויף דער ארט פון א סילאגיזם; דאס דענקען דורך סילאגיזמען. ז. *syllogism*.

syllogis'tical *a.* (סיל-א-דזשיס'-טי-קעל) ז. *syllogistic*.

syllogis'tically *adv.* (סיל-א-דזשיס'-טי-קעל-אי) דורך סילאגיזמען; אין דער פארם פון א סילאגיזם. ז. *syllogism*.

syllogiza'tion *n.* (סיל-א-דזשי-זיי'-שאן) דאס ציהען לאגישע שליסע דורך סילאגיזמען.

syl'logize *v.* (סיל'-א-דזשאיז) שליסען דורך סילאגיזמען, מאכען שליסע דורך סילאגיזמען. ז. *syllogism*.

syl'logizer *n.* (סיל'-א-דזשאי-זער) איינער וואס מאכט לאגישע שליסע דורך סילאגיזמען.

sylph *n.* (סילף) דער סילף, דער לופט-גייסט [א פאנטאסטישעס וועזען, וואס געפינט זיך כלומרשט אין דער לופט]; איינע פון די זארטען זשום-פויגעלעך [ז. *humming-bird*].

syl'phid *n.* (סיל'-פיד) א סילפיד, א קליינער לופט-גייסט. ז. *sylph*.

syl'phine *a.* (סיל'-פין) ווי א סילף; עהנליך צו א סילף. ז. *sylph*.

syl'phish *a.* (סיל'-פיש) סילפען-ארטיג; עהנליך צו א סילף. ז. *sylph*.

sylph'-like *a.* (סילף'-לאיק) עהנליך צו א סילף; גראציעז, שלאנק.

syl'va *n.* (סיל'-ווא) די בוימער פון וואלד [אין אלגעמיין גענומען]; א בעשרייבונג פון די בוימער אין וואלד.

syl'vage *n.* (סיל'-ווערזש) דאס זיין וואלדיג; דאס קומען פון וואלד; דאס זיין בעדעקט מיט וואלד.

syl'van *a. and n.* (סיל'-וועז) וואלדיג; וואס איז שייך צו וואלד; פול מיט וועלדער; וואס קומט פון וואלד; דארפיש, גראב; סילוואן, דער וואלד-גאט [אין פארצייטיגען רוים]; א סאטיר, א פאון [ז. *faun*].

syl'vanite *n.* (סיל'-וועג-איט) דער סילוואניט [אזא גרויער אדער ווייסער מינעראל מיט פיעל בלישטשענדע קריסטאלשטיקעלעך].

syl'vic *a.* (סיל'-וויק) וואלדיג; וואס איז שייך צו וואלד; וואס בעקומט זיך פון וואלד.

syl'viculture *n.* (סיל'-ווי-קאל-טשור) וואלד-קולטור; די בעפלאנצונג און קולטיווירונג פון וואלד-בוימער.

sylvicul'turist *n.* (סיל-ווי-קאל'-טשור-איסט) איינער וואס גיט זיך אב מיט דער קולטור [די בעפלאנצונג און דאס לאזען וואקסען] פון וועלדער.

sym'bion *n.* (סימ'-בי-אן) אן ארגאניזם וואס לעבט אין צושטאנד פון סימביאזים. ז. *symbiosis*.

sym'biont *n.* (סימ'-בי-אנט) ז. *symbion*.

symbio'sis *n.* (סים-באי-או'-סיס) סימביאזים [א צושטאנד פון צוזאמענלעבען פון צוויי אדער עטליכע חיות אדער פלאנצען, וואו איין ארגאניזם איז נויטיג פאר דעם אנדערען, אבער איינער איז ניט דעם צווייטענס פאראזיט, ד. ה. ער ציהט ניט זיין יניקה פון איהם].

symbiot'ic *a.* (סים-באי-אט'-איק) וואס איז שייך צו סימביאזים; וואס לעבט אין צושטאנד פון סימביאזים. ז. *symbiosis*.

symbiot'ically *adv.* (סים-באי-אט'-אי-קעל-אי) אין סימביאזים. ז. *symbiosis*.

sym'bol *n. and v.* (סימ'-באל) א סימבאל, א צייכען, א געגענשטאנד אדער פיגור וואס שטעלט מיט זיך פאר א געדאנק אדער בעגריף [ווי א לייב איז דער סימבאל פון גבורה]; אן עמבלעם, א בילד אדער פיגור וואס בעצייכענט עפּעס; אין טעאלאגיע — איינער פון די עיקרים פון אמונה, די "אני מאמין'ס"; אין מאטעמאטיק — אן אלגעבראאישער צייכען; סימבאליזירען, פארשטעלען א געדאנק אדער בעגריף דורך א צייכען אדער פיגור.

symbol'ic *a. and n.* (סים-באל'-איק) סימבאליש; וואס איז שייך צו א סימבאל; וואס שטעלט עפּעס פאר; אין גראמאטיק — וואס בעצייכענט ווערטער, וועלכע האבען נור א רעלאטיווען ווערטה [ווי די ווערטער "איז", "זיינען" א. ד. ג.]; אין מאטעמאטיק — וואס איז שייך צו אלגעבראאישע צייכענס; סימבאליזם, די לעהרע וועגען סימבאלען אדער צייכענס; די לעהרע וועגען די "אני מאמין'ס" פון דער קריסטליכער אמונה.

symbol'ical *a.* (סים-באל'-אי-קעל) ז. *symbolic*.

symbol'ically *adv.* (סים-באל'-אי-קעל-אי) אויף א סימבאלישען שטייגער; דורך סימבאלען אדער צייכענס.

symbol'icalness *n.* (סים-באל'-אי-קעל-נעס) דאס זיין סימבאליש.

symbol'ics *n.* (סים-באל'-איקס) סימבאליק, די לעהרע וועגען סימבאלען אדער צייכענס; דער טייל פון דער טעאלאגישער וויסענשאפט, וואס פערנעהמט זיך מיט די סימבאלען אדער "אני מאמין'ס" פון דער קריסטליכער אמונה.

symbolisa'tion *n.* (סים-באל-אי-זיי'-שאן) ז. *symbolization*.

sym'bolise *v.* (סימ'-באל-איז) ז. *symbolize*.

sym'bolism *n.* (סימ'-באל-איזם) די סימבאליזירונג, דאס פארשטעלען עפּעס דורך סימבאלען אדער צייכענס; דאס בענוצען סימבאלען; א סימבאלישער זין אדער כאראקטער; אין טעאלאגיע — דאס אויסשטעלען די סימבאלען אדער עיקרים פון דער אמונה [די "אני מאמין'ס"]; אין קונסט און ליטעראטור — דער סימבאליזם [א פארם פון דעקאדענץ. ז. *decadence*].

sym'bolist *n.* (סימ'-באל-איסט) א סימבאליסט, איינער וואס דריקט אויס זיינע געדאנקען און בעגריפען דורך סימבאלען אדער צייכענס; אין קונסט און ליטעראטור — אן אנהענגער פון סימבאליזם [א פארם פון דעקאדענץ. ז. *decadence*].

symbolis'tic *a.* (סים-בא-ליס'-טיק) סימבאליסטיש; וואס כאראקטעריזירט זיך דורך דעם געברויך פון סימבאלען.

symbolis'tical *a.* (סים-בא-ליס'-טי-קעל) ז. *symbolistic*.

symboliza'tion *n.* (סים-באל-אי-זיי'-שאן) דאס סימבאליזירען; דאס פארשטעלען דורך סימבאלען אדער צייכענס.

sym'bolize *v.* (סימ'-באל-איז) סימבאליזירען; פארשטעלען עפּעס דורך סימבאלען אדער צייכענס; הארמאנירען, זיין עהנליך צו עפּעס לויט די אייגענשאפטען אדער כאראקטער.

sym'bolizer *n.* (סימ'-באל-אי-זער) איינער וואס הארמאנירט מיט אן אנדערען; איינער וואס גיט זיין שטימע אדער זיין נדבה צוזאמען מיט אן אנדערען.

symbolog'ical *a.* (סים-בא-לאדזש'-אי-

קעל) סימבאלאגיש; וואס איז שייך צו סימבאלאגיע. ז. *symbology*

symbol'ogist *n.* (סים-באל'-א-דזשיסט) א סימבאלאגיסט, א קענער פון סימבאלאגיע. ז. *symbology*

symbol'ogy *n.* (סים-באל'-א-דזשי) סימבאלאגיע, די לעהרע וועגען סימבאלען אדער צייכענס; די קונסט אויסצודריקען געדאנקען אדער בעגריפען דורך סימבאלען אדער צייכענס.

symbolol'atry *n.* (סים-בא-לאל'-ע-טרי) שטארקע פערעהרונג אדער פערגעטערונג פון סימבאלען.

symbolol'ogy *n.* (סים-בא-לאל'-א-דזשי) ז. *symbology*

sym'bol-prin'ting *n.* (סימ'-באל-פרינ'-טינג) אין טעלעגראפיע — א סיסטעם פון דרוקען מיט שיפער-צייכענס [ווי מיט פינטעלעך און פאסיקלעך]. ז. *Morse alphabet*

sym'metral *a.* (סימ'-ע-טרעל) סימעטריש; וואס איז שייך צו סימעטריע. ז. *symmetry*

symmet'rian *n.* (סי-מעט'-רי-ען) איינער וואס איז שטארק מקפיד אויף דער סימעטריע, גלייכמעסיגקייט אדער פראפארציאנעלקייט פון די טיילען פון א זאך אדער געגענשטאנד.

symmet'ric *a.* (סי-מעט'-ריק) ז. *symmetrical*

symmet'rical *a.* (סי-מעט'-רי-קעל) גלייכמעסיג; אין מאס; אין פראפארציע; סימעטריש; וואס ציינט ארויס סימעטריע. ז. *symmetry*

symmet'rically *adv.* (סי-מעט'-רי-קעל-אי) אויף א סימעטרישען אדער גלייכמעסיגען שטייגער.

symmetri'cian *n.* (סים-ע-טריש'-ען) ז. *symmetrian*

sym'metrise *v.* (סימ'-ע-טראיז) ז. *symmetrize*

sym'metrist *n.* (סימ'-ע-טריסט) א סימעטריסט, איינער וואס היט אב די גלייכמעסיגקייט אדער די ריכטיגע פראפארציע.

symmetriza'tion *n.* (סים-ע-טרי-זיי'-שאן) דאס מאכען סימעטריש אדער גלייכמעסיג.

sym'metrize *v.* (סימ'-ע-טראיז) מאכען סימעטריש, ברייננען אין גלייכער מאס, מאכען גלייכמעסיג אדער פראפארציאנעל.

sym'metry *n.* (סימ'-ע-טרי) די גלייכמעסיגקייט, די פראפארציע; סימעטריע, אזא צוזאמענשטעלונג פון די טיילען פון א קערפער, ביי וועלכען איין העלפט איז פאלקאם עהנליך צו דער צווייטער העלפט [ווי די אויסענזייט פון א מענשליכען קערפער ווען מען זאל איהם איבערשניידען אין דער לענג פונקט אין מיטען].

sympathet'ic *a. and n.* (סים-פע-טהעט'-איק) סימפאטעטיש; וואס האלט זיך אויף סימפאטיע אדער מיטגעפיהל; מיטליידענד, מיטפיהלענד; הארמאנירענד, גלייכגעשטימט; פערוואנדט, פון דערזעלבער אייגענשאפט; אין מעדיצין — סימפאטיש, וואס איז שייך צו סימפאטיע [דער וועהטאג פון איין טייל פון קערפער, וואס נעהמט זיך צוליעב דעם אוננארמאלען צושטאנד פון אן אנדער טייל]; דאס סימפאטישע נערווען-סיסטעם; דער סימפאטישער נערוו; איינער וואס איז זעהר עמפפינדליך [ווי צו א היפנאטישען איינפלוס].

sympathet'ically *adv.* (סים-פע-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף א סימפאטעטישען אדער מיטפיהלענדען שטייגער.

sympathet'ic ner'vous sys'tem (סים-פע-טהעט'-איק נויר'-וואס סיס'-טעם) דאס סימפאטעטישע נערווען-סיסטעם [א טייל פון דעם נערווען-סיסטעם, וואס בעשטעהט פון בינטלעך נערווען ארום דעם ווירבעל-זייל (חוט השדרה). דיעזע נערווען בינדען צוזאמען כמעט אלע אינערליכע ארגאנען פון קערפער און דורך זיי ווערט רעגולירט די נאהרונג פון דיעזע ארגאנען].

sympathet'ic pow'der (סים-פע-טהעט'-איק פאו'-דער) ז. *powder of sympathy*

sym'pathise *v.* (סימ'-פע-טהאיז) ז. *sympathize*

sym'pathiser *n.* (סימ'-פע-טהאי-זער) ז. *sympathizer*

sym'pathist *n.* (סימ'-פע-טהיסט) א סימפאטיזירער, איינער וואס האט מיטגעפיהל צו עמעם אדער אימעצען.

sym'pathize *v.* (סימ'-פע-טהאיז) סימפאטיזירען, מיטלייד פיהלען, מיטליידען; האבען א מיטגעפיהל; איבעראיינשטימען, הארמאנירען; אויסדריקען מיטגעפיהל.

sym'pathizer *n.* (סימ'-פע-טהאי-זער) א סימפאטיזירער, א מיטפיהלער.

sym'pathy *n.* (סימ'-פע-טהי) סימפאטיע, מיטלייד, מיטגעפיהל; אין מעדיצין— דאס מיטליידען פון א טייל פון קערפער צוליעב דער קראנקהייט פון אן אנדער טייל; די הארמאניע [פון פארבען און טענער].

symphonet'ic *a.* (סים-פא-נעט'-איק) ז. *symphonic*

symphon'ic *a.* (סים-פאנ'-איק) סימפאניש; וואס איז שייך צו א סימפאניע אדער הארמאניע פון טענער; וואס האט רעמזעלביגען קלאנג [ווי צוויי בעזונדערע ווערטער וואס האבען איין אויסשפראך]; אין מוזיק — וואס איז שייך צו א סימפאניע [ז. *symphony*].

sympho'nious *a.* (סים-פאו'-ני-אס) הארמאניש, צוזאמענשטימענד, וואהל-קלינגענד.

sym'phonist *n.* (סימ'-פא-ניסט) א סימפאניסט, א פערפאסער פון סימפאניען. ז. *symphony*

sym'phonize *v.* (סימ'-פא-נאיז) הארמאנירען; שטימען.

sym'phony *n.* (סימ'-פא-ני) א סימפאניע, א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן אין דער פארם פון א סאנאטא [ז. *sonata*], וואס ווערט פערפאסט ניט פאר אן איינצעלנעם אינסטרומענט, נאר פאר א גאנצען ארקעסטער; א הארמאניע פון טענער.

sym'physal *a.* (סימ'-פי-זעל) ז. *symphyseal*

symphys'eal *a.* (סים-פיז'-אי-על) אין אנאטאמיע — וואס איז שייך צו א סימפיזע. ז. *symphysis*

sym'physis *n.* (סימ'-פי-סיס) אין אנאטאמיע — א סימפיזע, צוזאמענוואקסונג פון צוויי ביינער, צוזאמענוואקסונג, פעראייניגונג אדער פערבינדונג פון צוויי טיילען.

sympiesom'eter *n.* (סים-פי-ע-סאמ'-ע-טער) דאס סימפיזאמעטער, אן אינסטרומענט עהנליך צו א באראמעטער, צו מעסטען דעם דרוק פון שטראם פון א פליסיגען קערפער אדער צו מעסטען די צונויפדריקבארקייט פון פליסיגע קערפער.

sympo'siac *a. and n.* (סים-פאו'-זי-עק) וואס איז שייך צו א מאהלצייט פאר געסט; א סעודה פאר געסט, א באנקעט.

sympo'sial *a.* (סים-פאו'-זי-על) וואס איז שייך צו א מאהלצייט פאר געסט.

sympo'siast *n.* (סים-פאו'-זי-עסט) אן אנטייל-נעהמער אין א סעודה אדער מאהלצייט.

sympo'sion *n.* (סים-פאו'-זי-אן) ז. *symposium*

sympo'sium *n.* (סים-פאו'-זי-אם) א מאהלצייט, א סעודה מיט קורצע רעדען און צייט-פערטרייב; א באנקעט; א זאמלונג פון קורצע רעדען אדער אויסגעדריקטע מיינונגען וועגען עפעס.

symp'tom *n.* (סימפ'-טאם) א סימפטאם; א קראנקהייטס-צייכען [א צייכען אז וועלכען מען דערקענט א קראנקהייט]; א צייכען, א פאר-צייכען.

symptomat'ic *a.* (סימפ-טא-מעט'-איק) סימפטאמאטיש, ווי א סימפטאם, ווי א קראנקהייטס-צייכען; וואס דיענט אלס צייכען, אנצייגענד.

symptomat'ical *a.* (סימפ-טא-מעט'-אי-קעל) ז. *symptomatic*

symptomat'ically *adv.* (סימפ-טא-מעט'-אי-קעל-אי) דורך סימפטאמען אדער סמנים, סימפטאמאטיש.

symp'tomatize *v.* (סימפ'-טא-מע-טאיז) בעווייזען די סימפטאמען אדער סמנים פון עפעס; כאראקטעריזירען [א קראנקהייט] דורך די סימפטאמען אדער סמנים.

symptomatol'ogy *n.* (סימפ-טא-מע-טאל'-א-דזשי) סימפטאמאטאלאגיע, די לעהרע וועגען די סימפטאמען אדער סמנים פון קראנקהייטען.

symptomol'ogy *n.* (סימפ-טא-מאל'-א-דזשי) ז. *symptomatology*

synær'esis *n.* (סי-נער'-ע-סיס) אין גראמאטיק — די סינערעזע, די צוזאמענציהונג פון צוויי זילבען אדער פון צוויי גלייכארטיגע וואקאלען אין איינעם [ווי דאסווארט *ne'er* אנשטאט *never*].

syn'agogal *a.* (סינ'-ע-גאג-על) ז. *synagogical*

synagog'ical *a.* (סינ-ע-גארזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו א סינאגאגע אדער צו א אידישער שוהל.

syn'agogue *n.* (סינ'-ע-גאג) א סינאגאגע, א אידישע שוהל, א קלויז צום דאווענען; די רעליגיעזע געמיינדע אדער דער קהל וואס דאווענט אין א געוויסער שוהל; א פארצייטיגע געמיינדע פון אידישע קריסטען.

synale'pha *n.* (סינ-ע-לי'-פא) אין גראמאטיק — די פעראייניגונג פון צוויי וואקאלען פון צוויי בעזונדערע זילבען אין איין זילבע [ווי למשל, *th'enemy* אנשטאט *the enemy*].

synale'phe *n.* (סינ-ע-ליע'-פי) ז. *synalepha*

synal'gia *n.* (סי-נעל'-דזשי-א) א סימפאטעטישער וועהטאג [א וועהטאג אין איין טייל פון קערפער צוליעב דער קראנקהייט פון אן אנדער טייל].

synallagmat'ic *a.* (סינ-ע-לעג-מעט'-איק) אין יוריספרודענץ — געגענזייטיג פערפליכטעט.

synalœ'phe *n.* (סינ-ע-ליע'-פי) ז. *synalepha*

synan'therous *a.* (סי-נענ'-טהער-אס) אין באטאניק — מיט א פערוואקסענעם שטויב-בייטעל [וועגען געוויסע פלאנצען].

syn'archy *n.* (סינ'-אר-קי) א געמיינשאפטליכע הערשונג אדער רעגיערונג.

synarte'sis *n.* (סינ-אר-טי'-סיס) דאס צוזאמענבינדען, דאס פעראייניגען; אן ענגער צוזאמענבונד.

synarthro'dia *n.* (סינ-אר-טהראו'-די-א) ז. *synarthrosis*

synarthro'sis *n.* (סינ-אר-טהראו'-סיס) אן אונבעוועגליכעס גליעד; א נאהט אדער געלענק צווישען צוויי גליעדער, וועלכע בעוועגען זיך ניט [ווי די נאהט צווישען די טיילען פון שיידעל אדער שארבען].

synax'is *n.* (סי-נעק'-סיס) א רעליגיעזע פערזאמלונג [ביי די פארצייטיגע קריסטען].

syn'carp *n.* (סינ'-קארפ) אין באטאניק — א צוזאמענגעזעצטע פרוכט.

syncar'pium *n.* (סינ-קאר'-פי-אם) ז. *syncarp*

syncar'pous *a.* (סינ-קאר'-פאס) אין באטאניק — צוזאמענגעזעצט און פערוואקסען; וואס האט דעם כאראקטער פון א צוזאמענגעזעצטער פרוכט.

syncategoremat'ic *a. and n.* (סינ-קעט-אי-גאר-אי-מעט'-איק) אין לאגיק — וואס איז שייך צו ווערטער, וועלכע קענען ניט אליין בעצייכנען א געגענשטאנד, צושטאנד אדער אייגענשאפט, נאר זיי בעצייכנען דאס אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער [ווי אז אדווערבים, פרעפאזיציאן א. ד. ג.]; א ווארט וואס בעצייכענט א געגענשטאנד, צושטאנד אדער אייגענשאפט נור אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער.

synchondro'sis *n.* (סינ-קאן-דראו'-סיס) אין אנאטאמיע — די פערבינדונג פון ביינער דורך כראמשקע [קנארפעל].

syn'chronal *a. and n.* (סינ'-קרא-נעל) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג; וואס עס טרעפט זיך אין איין צייט מיט אן אנדער זאך; א גלייכצייטיגע פאסירונג.

synchron'ical *a.* (סינ-קראנ'-אי-קעל) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג; וואס טרעפט זיך אין דערזעלבער צייט מיט אן אנדער זאך אדער פאסירונג.

synchron'ically *adv.* (סינ-קראנ'-אי-קעל-אי) אויף א גלייכצייטיגען אופן; טרעפענדיג זיך אין איין צייט מיט אן אנדער זאך.

synchronisa'tion *n.* (סינ-קרא-ני-זיי'-שאן) ז. *synchronization*

syn'chronise *v.* (סינ'-קרא-נאיז) ז. *synchronize*

syn'chroniser *n.* (סינ'-קרא-נאי-זער) ז. *synchronizer*

syn'chronism *n.* (סינ'-קרא-ניזם) די גלייכצייטיגקייט; די גלייכצייטיגע פאסירונג; א סינכראניזם, א צוזאמענפאל פון צוויי אדער עטליכע פאסירונגען אין איין צייט; א טאבעלע פון היסטארישע פאסירונגען אדער פערזאנען, וואס זיינען גערופירט לויט די דאטען; אין מאלעריי — דאס פארשטעלען אויף איין בילד עטליכע פאסירונגען וואס זיינען פארגעקומען אין בעזונדערע צייטען אדער איין און דיזעלבע פאסירונג אין פערשיעדענע מאמענטען.

synchronis'tic *a.* (סינ-קרא-ניס'-טיק) סינכראניסטיש; וואס איז שייך צו סינכראניזם. ז. *synchronism*

synchronis'tically *adv.* (סינ-קרא-ניס'-טי-קעל-אי) אויף א סינכראניסטישען שטייגער; לויט די דאטען.

synchroniza'tion *n.* (סינ-קרא-ני-זיי'-שאן) דאס מאכען סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג [ספעציעל ווענען זייגערס זיי זאלען ציינען דיזעלבע צייט אדער ווענען עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען, אז זייערע פאזען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט]; דאס צוזאמענפאלען פון צוויי אדער עטליכע פאסירונגען אין איין צייט.

syn'chronize *v.* (סינ'-קרא-נאיז) זיין גלייכצייטיג, צוזאמענפאלען אדער צוזאמענטרעפען אין איין צייט; מאכען סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג; מאכען צו געהן אין איין צייט [ווענען זייגערס אדער ווענען עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען, אז זייערע פאזען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט].

syn'chronizer *n.* (סינ'-קרא-נאי-זער) איינער וואס מאכט סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג; א פאררייכטונג צו מאכען, אז זייגערס זאלען ציינען דיזעלבע צייט אדער אז די פאזען פון עלעקטרישע וועקסעל-שטראם מאשינען זאלען זיך צונויפטרעפען אין איין צייט.

synchronol'ogy *n.* (סינ-קרא-נאל'-א-דזשי) סינכראנאלאגיע, די סינכראניסטישע געשיכטס-מעטאדע [א מעטאדע צו שרייבען געשיכטע וואו עס ווערען גרופירט לויט די דאטען איינע נאך די אנדערע די וויכטיגסטע פאסירונגען אין לעבען פון פערשיעדענע פעלקער].

syn'chronous *a.* (סינ'-קרא-נאס) סינכראניסטיש, גלייכצייטיג.

syn'chronously *adv.* (סינ'-קרא-נאס-לי) אויף א סינכראניסטישען אדער גלייכצייטיגען שטייגער.

syn'chronousness *n.* (סינ'-קרא-נאס-נעס) דאס זיין סינכראניסטיש אדער גלייכצייטיג.

syn'chrony *n.* (סינ'-קרא-ני) דאס פאסירען פון בעזונדערע זאכען אין איין צייט.

syn'chysis *n.* (סינ'-קי-סיס) אן אונארדנונג, אן אויסמישונג; אין רעטאריק — א פערקעהרטע ארדנונג פון די ווערטער אין א זאץ; אין פאטאלאגיע — די אויספלייסונג פון דעם גלאז-שטאף פון אויג.

syncli'nal *a. and n.* (סינ-קלאי'-נעל) וואס בויגט זיך ארונטער אין צוויי געגענזייטיגע ריכטונגען אום צו בעגעגענען זיך אונטען אין איין פונקט [ווי די צייכנונג ⌣]; אין געאלאגיע — וואס האט א גלייכע נייגונג מיט אנדערע ערד-שיכטען; אז ארונטערגעבויגענע שיכט אדער ליניע.

syn'cline *n.* (סינ'-קלאין) אן ארונטערגעבויגענע שיכט אדער ליניע. ז. *synclinal*

synclin'ical *a.* (סינ-קלינ'-אי-קעל) ז. *synclinal*

syn'copate *v.* (סינ'-קא-פייט) צוזאמענציהען א ווארט, ארויסנעהמענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע זילבען [ווי דאס ווארט *Gloster* פון *Gloucester*]; אין מוזיק — סינקאפירען, פערבינדען אין איין אקצענט די צווייטע העלפט פון דעם ערשטען טאן מיט דער ערשטער העלפט פון דעם פאלגענדען טאן.

syncopa'tion *n.* (סינ-קא-פיי'-שאן) דאס צוזאמענציהען א ווארט, ארויסווארפענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע זילבען; אין מוזיק — דאס סינקאפירען, דאס פעראייניגען אין איין אקצענט די צווייטע העלפט פון ערשטען טאן מיט דער ערשטער העלפט פון פאלגענדען טאן.

syn'cope *n.* (סינ'-קא-פי) די סינקאפע [אין גראמאטיק — די פערקירצונג פון א ווארט דורך דורכלאזען א מיטעלסטען בוכשטאב, ווי למשל, *ne'er* פון *never*; אין מוזיק — די צוזאמענגיסונג פון צוויי טענער אין איין אקצענט; די צוזאמענגיסונג פון צוויי שטימען אזוי, אז מעהרערע טענער פון איין שטימע פאלען צוזאמען מיט איין טאן פון א צווייטער]; אונמאכט, חלשות.

syncop'ic *a.* (סינ-קאפ'-איק) וואס איז שייך צו א סינקאפע. ז. *syncope*

syn'copist *n.* (סינ'-קא-פיסט) איינער וואס פערקירצט א ווארט, ארויסווארפענדיג פון מיטען איינע אדער עטליכע בוכשטאבען.

syncop'tic *a.* (סינ-קאפ'-טיק) אין מעדיצין — וואס איז שייך צו אונמאכט אדער חלשות.

syncret'ic *a. and n.* (סינ-קרעט'-איק) סינקרעטיש, פעראייניגענד פערשיעדענע פילאזאפישע שולען אדער רעליגיעזע סעקטען; וואס געהערט צו דער פעראייניגונג פון פערשיעדענע פילאזאפישע שולען אדער רעליגיעזע סעקטען; א סינקרעטיסט, איינער וואס שטרעבט צו פעראייניגען אדער צונויפגיסען פערשיעדענע סיסטעמען אדער לעהרען אין איין סיסטעם.

syn'cretise *v.* (סינ'-קרע-טאיז) ז. *syncretize*

syn'cretism *n.* (סינ'-קרע-טיזם) סינקרעטיזם, א שטרעבונג צו פעראייניגען אויף א קינסטליכען אופן צוויי אדער עטליכע פערשיעדענארטיגע און אפט געגענזעצליכע פילאזאפישע סיסטעמען אדער רעליגיעזע לעהרען.

syn'cretist *n.* (סינ'-קרע-טיסט) א סינקרעטיסט, איינער וואס שטרעבט צו פעראייניגען פערשיעדענארטיגע און אפט געגענזעצליכע פילאזאפישע אדער רעליגיעזע סיסטעמען אין איין סיסטעם.

syncretis'tic *a.* (סין-קרע-טיס'-טיק) סינקרעטיסטיש; וואס איז שייך צו סינקרעטיזם. ז. *syncretism*

syn'cretize *v.* (סינ'-קרע-טאיז) סינקרעטיזירען, פעראייניגען אויף א קינסטליכען אופן פערשיעדענארטיגע סיסטעמען אדער לעהרען.

syn'crisis *n.* (סינ'-קרי-סיס) א רעטארישער זאץ, וואו ענטגעגענגעזעצטע זאכען אדער פערזאנען ווערען פערגליכען.

syndac'tyl *a. and n.* (סינ-דעק'-טיל) ביי וועמען די פינגער זיינען מעהר אדער וועניגער פעראייניגט [ווי דורך דעם הייטעל ביי א שווים-פויגעל]; א חיה אדער פויגעל, ביי וועלכען די פינגער זיינען מעהר אדער וועניגער צוזאמענגעוואקסען.

syndactyl'ic *a.* (סינ-דעק-טיל'-איק) מיט פעראייניגטע פינגער. ז. *syndactyl*

syndac'tylism *n.* (סינ-דעק'-טי-ליזם) די פעראייניגונג אדער צוזאמענוואקסונג פון צוויי אדער עטליכע פינגער [ווי ביי געוויסע חיות און פויגלען].

syndac'tylous *a.* (סינ-דעק'-טי-לאס) ז. *syndactylic*

syndesmog'raphy *n.* (סינ-דעס-מאג'-רע-פי) ז. *desmography*

syndesmol'ogy *n.* (סינ-דעס-מאל'-א-דזשי) ז. *desmology*

syn'dic *n.* (סינ'-דיק) דער סינדיקוס, דער בעפאלמעכטיגטער, דער פערטרעטער [פון א געמיינדע]; א מאגיסטראט; א פערוואלטער איבער די ענינים פון אן אוניווערזיטעט, פון א קאמפאניע א. ד. ג.; אין פראנצויזישער געזעצגעבונג — אן אויפזעהער איבער די געשעפטען פון א באנקראטירטער פירמע [ביי אידען דאס ווארט "סנדק" נעהמט זיך פון דעמזעלבען ווארצעל און בעדייטעט די פארזיצענדע פערזאן ביי דער צערעמאניע פון א ברית].

syn'dical *a.* (סינ'-די-קעל) וואס איז שייך צו א סינדיקוס. ז. *syndic*

syn'dicalism *n.* (סינ'-די-קעל-איזם) סינדיקאליזם, א ריכטונג אין דער ארבייטער-בעוועגונג, וועלכע האט זיך ענטוויקעלט אין פראנקרייך און אין אנדערע לענ-

דער. דער הויפּט־פּרינציפּ פון סינדיקאליזם בעשטעהט אין דעם, אז דער ארבייטער־קלאס, ארגאניזירט אין טרייד־יוניאנס אדער — ווי אין פראנקרייך — סינדיקאטען, פיהרט א שטענדיגען רעוואלוציאנערען קאמפּף געגען דער קאפּיטאליסטישער ארדנונג זעלבסטשטענדיג [ניט אין פערבינדונג מיט קיין פּאליטישער פּארטיי] און דורך דירעקטער אקציאן [ז. direct action], ניט דורך געזעצגעבונג אין פּארלאמענט.

syn'dicalist *n.* (סינ׳-די-קעל-איסט) א סינדיקאליסט, אן אנהענגער פון סינדיקאליזם. ז. ***syndicalism***.

syn'dicate *n. and v.* (סינ׳-די-קייט) א סינדיקאט, א פעראייניגונג פון פערזאנען אדער קאמפּאניעס אין אן אונטערנעהמונג וואס פאדערט זעהר א גרויסען קאפּיטאל; א פּראפעסיאנעלער ארבייטער־פעראיין, א טרייד־יוניאן; דאס אמט אדער די ווירדע פון א סינדיקוס [ז. ***syndic***]; פעראייניגען אין א סינדיקאט; רעגולירען דעם מארק־פּרייז פון א געוויסער סחורה דורך א פעראייניגונג אין א סינדיקאט פון קאפּיטאליסטען.

syndica'tion *n.* (סינ-די-קיי׳-שאן) דאס אויסבילדען א סינדיקאט [א פּראפעסיאנעלע פעראייניגונג פון קאפּיטאליסטען אדער ארבייטער].

syn'drome *n.* (סינ׳-דרא-מי) אין מעדיצין — דאס צוזאמענטרעפען זיך פון אלע סימפּטאמען פון א קראנקהייט.

syndyas'mian *a.* (סינ-די-עס׳-מי-ען) וואס איז שייך צו פּארונג [פון חיות]; געשלעכטליך, וואס איז שייך צו פּארונג אדער געשלעכטליכען צוזאמענלעבען [ביי חיות].

synec'doche *n.* (סי-נעק׳-דא-קי) אין רעטאריק — די סינעקדאכע, אן אויסדרוקס־פארם, וואו א טייל ווערט געברויכט אנשטאט א גאנצע [ווי למשל, דאס ברויכען דאס ווארט "הענד" אנשטאט "ארבייטער"].

synecdoch'ical *a.* (סינ-עק-דאק׳-אי-קעל) סינעקדאכיש; וואס איז שייך צו א סינעקדאכע. ז. ***synecdoche***.

synecdoch'ically *adv.* (סינ-עק-דאק׳-אי-קעל-אי) אויף א סינעקדאכישען שטייגער; דורך סינעקדאכען. ז. ***synecdoche***.

synechi'a *n.* (סינ-ע-קאי׳-א) אין מעדיצין — די סינעכיע [א פערוואקסונג פון דער אירים מיט דער הארן־הויט אין אויג].

synecphone'sis *n.* (סי-נעק-פא-ני׳-סיס) אין גראמאטיק — די צוזאמענציהונג פון צוויי זילבען אדער צוויי וואקאלען אין איינעם.

syned'rial *a.* (סי-נעד׳-רי-על) וואס איז שייך צום סנהדרין. ז. ***synedrion***.

syned'rion *n.* (סי-נעד׳-רי-אן) דער סנהדרין [דאס העכסטע געריכט ביי די פּארצייטיגע אידען].

syned'rium *n.* (סי-נעד׳-רי-אם) ז. ***synedrion***.

syner'esis *n.* (סי-נער׳-ע-סיס) ז. ***synæresis***.

synerget'ic *a.* (סינ-ער-דזשעט׳-איק) מיטווירקענד, בעהילפיג, ארבייטענד צוזאמען.

syn'ergism *n.* (סינ׳-ער-דזשיזם) סינערגיזם [די טעאריע אין דער קריסטליכער טעאלאגיע, דאס דער מענש מוז אליין מיטווירקען צו דערגרייכען אייביגען גן עדן. דיעזע טעאריע בעציהט זיך אויף דער בעהויפּטונג, דאס די מענשליכע נשמה האט ניט פערלארען איהרע נייגונגען צו הייליגקייט און זעליגקייט דורך דעם זינדפאל פון אדם הראשון].

syn'ergist *n. and a.* (סינ׳-ער-דזשיסט) א סינערגיסט, אן אנהענגער פון סינערגיזם; סינערגיסטיש, וואס איז שייך צו סינערגיזם. ז. ***synergism***.

synergis'tic *a.* (סינ-ער-דזשיס׳-טיק) מיטווירקענד, ארבייטענד צוזאמען, בעהילפיג; סינערגיסטיש, וואס איז שייך צו סינערגיזם. ז. ***synergism***.

synergis'tical *a.* (סינ-ער-דזשיס׳-טי-קעל) ז. ***synergistic***.

syn'ergy *n.* (סינ׳-ער-דזשי) א צוזאמענווירקונג, א מיטווירקונג, א צוזאמענארבייטען.

Syngene'sia *n.* (סינ-דזשע-ני׳-סי-א) די רעהרען־בייטעלדיגע בלומען [דער מין פלאנצען וואס זייער שטויב־בייטעל איז אויסגעוואקסען ווי א רעהרעל].

syngene'sian *a.* (סינ-דזשע-ני׳-שען) וואס איז שייך אדער וואס געהערט צו די רעהרען־בייטעלדיגע בלומען.

Syng'nathus *n.* (סינג׳-נײי-טהאס) דער מין נאדעל־פיש אדער ים־נאדלען [אזעלכע לאנגע שמאלע ים־פיש]. ז. ***pipe-fish***.

syn'graph *n.* (סינ׳-גרעף) א געמיינזאם אונטערשריבענער דאקומענט, א קאנטראקט וואס איז אונטערגעשריבען פון ביידע צדדים.

synize'sis *n.* (סינ-אי-זי׳-סיס) די פערשליסונג אדער אויסלעשונג פון דעם שווארץ־אפּעל פון אויג [וואס פיהרט צו פאלשטענדיגער בלינדקייט]; אין גראמאטיק — די צוזאמענציהונג פון צוויי וואקאלען אין א ווארט צו בילדען פון זיי איין זילבע.

syn'ocha *n.* (סינ׳-א-קא) אן אנהאלטענדער ענטצינדונגס־פיבער.

syn'ochus *n.* (סינ׳-א-קאס) ז. ***synocha***.

syn'od *n.* (סינ׳-אד) א סינאד, א רעליגיאנס־ראטה, א קירכען־ראטה; א צוזאמענקונפט, א קאנווענציאן, א בעראטונגס־פערזאמלונג; אין אסטראנאמיע — א צוזאמענטרעפונג פון צוויי אדער מעהרערע פּלאנעטען אדער שטערען.

syn'odal *a. and n.* (סינ׳-אד-על) סינאדיש, וואס געהערט צו א סינאד אדער צו א רעליגיאנס־ראטה; א קאנסטיטוציאן אנגענומען אויף א קירכען־ראטה.

synod'ic *a.* (סי-נאד׳-איק) ז. ***synodical***.

synod'ical *a.* (סי-נאד׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו א סינאד אדער צו א קירכען־ראטה; אין אסטראנאמיע — וואס איז שייך צו דער צונויפטרעפונג פון צוויי אדער מעהרערע פּלאנעטען אדער שטערען.

synod'ically *adv.* (סי-נאד׳-אי-קעל-אי) דורך דער מאכט אדער אויטאריטעט פון סינאד; אין א סינאד, אין א קירכען־ראטה.

synod'ical month (סי-נאד׳-אי-קעל מאנטה) א סינאדישער מאנאט [די צייט וואס פערגעהט פון א בעשטימטער פאזע פון דער לבנה ביז זי קעהרט זיך אום צוריק צו דערזעלביגער פאזע, ווי פון איין אלט־חדש ביז צום אנדערען].

syn'odist *n.* (סינ׳-אד-איסט) אן אנהענגער פון א סינאד אדער קירכען־ראטה.

syn'omosy *n.* (סינ׳-א-מאו-סי) א געהיימע געזעלשאפט, א געשווארענע ברודערשאפט; א קאנספּיראציע; א חברה קאנספּיראטארם.

syn'onym *n.* (סינ׳-א-נים) א סינאנים, א ווארט פון דערזעלביגער בעדייטונג; א ווארט וואס האט כמעט דיזעלביגע בעדייטונג וואס אן אנדער ווארט.

synon'yma *n.* (סי-נאנ׳-אי-מא) סינאנימען. ז. ***synonym***.

syn'onyme *n.* (סינ׳-א-נים) ז. ***synonym***.

synonym'ic *a.* (סינ-א-נימ׳-איק) וואס איז סינאנים; וואס איז שייך צו א סינאנים אדער צו סינאנימען. ז. ***synonym***.

synonym'ical *a.* (סינ-א-נימ׳-אי-קעל) ז. ***synonymic***.

synonym'ics *n.* (סינ-א-נימ׳-איקס) ז. ***synonymy***.

synon'ymist *n.* (סי-נאנ׳-אי-מיסט) א סינאנימיקער, איינער וואס זאמעלט און ערקלערט סינאנימען. ז. ***synonym***.

synonym'ity *n.* (סינ-א-נימ׳-אי-טי) דאס זיין סינאנים, דאס אויסדריקען דעמזעלבען זין.

synon'ymize *v.* (סי-נאנ׳-אי-מאיז) אויסדריקען אדער ערקלערען דורך סינאנימען, אויסדריקען מיט פערשיעדענע ווערטער פון דערזעלביגער בעדייטונג.

synon'ymous *a.* (סי-נאנ׳-אי-מאס) סינאנים, פון דערזעלביגער בעדייטונג; וואס דריקט אוים דעמזעלבען געדאנק.

synon'ymously *adv.* (סי-נאנ׳-אי-מאס-לי) מיט דערזעלביגער בעדייטונג, אין דעמזעלביגען זין, אויף דעם אופן פון א סינאנים.

synon'ymy *n.* (סי-נאנ׳-אי-מי) דאס זיין סינאנים, דאס האבען דיזעלביגע בעדייטונג [וועגען פערשיעדענע ווערטער]; א זאמלונג פון סינאנימען [פערשיעדענע ווערטער, וואס האבען א גלייכע בעדייטונג]; דאס אויסדריקען א געדאנק דורך סינאנימען.

synop'ses *n.* (סי-נאפּ׳-סיז) סינאפּסיסען, צוזאמענפאסענדע איבערזיכטען; קאנספּעקטען. ז. ***synopsis***.

synop'sis *n.* (סי-נאפּ׳-סיס) א סינאפּסיס, א צוזאמענפאסענדע איבערזיכט, א קיצור, א קורצע ווידערהאלונג; א קאנספּעקט.

synop'tic *a. and n.* (סי-נאפּ׳-טיק) סינאפּטיש, קורץ צוזאמענגעפאסט; וואס גיט א קורץ־געפאסטע איבערזיכט, א קצור אדער א קאנספּעקט; איינער פון די סינאפּטישע אדער קורץ־געפאסטע עוואנגעליומס; איינער פון די שרייבער פון די קורץ־געפאסטע עוואנגעליומס [ווי מארק, לוקוס און מאטעאוס].

synop'tical *a.* (סי-נאפּ׳-טי-קעל) סינאפּטיש, קורץ־געפאסט.

synop'tically *adv.* (סי-נאפּ׳-טי-קעל-אי) סינאפּטיש, אויף א קורץ־געפאסטען אופן, אזוי ווי אין א קורצער איבערזיכט, בקיצור.

synop'tist *n.* (סי-נאפּ׳-טיסט) א סינאפּטיסט, איינער פון די שרייבער פון די סינאפּטישע אדער קורץ־געפאסטע עוואנגעליומס [ווי מאטעאוס, מארק און לוקוס].

synoptis'tic *a.* (סינ-אפּ-טיס׳-טיק) סינאפּטיש, קורץ־געפאסט; וואס איז שייך צו א סינאפּטיסט. ז. ***synoptist***.

synosteog'raphy *n.* (סי-נאס-טי-אג׳-רע-פי) די בעשרייבונג אדער אבהאנדלונג וועגען די געלענקען.

synosteol'ogy *n.* (סי-נאס-טי-אל׳-א-

דזשי) די וויסענשאפט וועגען די געלענקען פון קערפער.

synosteo'sis *n.* (סי-נאס-טי-או'-סיס) די פעראייניגונג דורך ביינער, די צונויפוואקסונג פון ביינער.

Syno'tus *n.* (סי-נאו'-טאס) א מין פלעדערמייז מיט לאנגע אויערען.

syno'via *n.* (סי-נאו'-ווי-א) דער געלענקען-שליים, דער גליעדער-זאפט [די פייכטקייט וואס געפינט זיך צווישען די געלענקען פון קערפער].

syno'vial *a.* (סי-נאו'-ווי-על) וואס איז שייך צום גליעדער-זאפט, וואס ענטהאלט גליעדער-זאפט אדער געלענקען-שליים.

syntac'tic *a.* (סינ-טעק'-טיק) אין גראמאטיק — סינטאקטיש, וואס איז שייך צו סינטאקסיס [די לעהרע ווי עס דארפען צונויפגעשטעלט ווערען די ווערטער אין זעצע].

syntac'tical *a.* (סינ-טעק'-טי-קעל) ז. *syntactic*.

syntac'tically *adv.* (סינ-טעק'-טי-קעל-אי) לויט סינטאקסיס, אין איינקלאנג מיט סינטאקסיס. ז. *syntax*.

syn'tax *n.* (סינ'-טעקס) סינטאקסיס, זאץ-לעהרע [די אבטיילונג פון גראמאטיק, וועלכע לערענט ווי צוזאמענצושטעלען ווערטער אין זעצע].

syntere'sis *n.* (סינ-טי-רי'-סיס) די פערהיטענדע בעהאנדלונג פון קראנקהייטען. ז. *prophylaxis*.

synteret'ic *a.* (סינ-טי-רעט'-איק) וואס פערהיט אדער ערהאלט דאס געזונד, וואס פערהיט פון א קראנקהייט.

synteret'ics *n.* (סינ-טי-רעט'-איקס) היגיענע. ז. *hygiene*.

syntex'is *n.* (סינ-טעק'-סיס) אבמאגערונג פון קערפער, אויסצעהרונג, אבצעהרונג.

synther'mal *a.* (סינ-טהויר'-מעל) וואס האט דיזעלביגע טעמפעראטור.

syn'thesis *n.* (סינ'-טהע-סיס) א סינטעזע, א צוזאמענזעצונג, א פעראייניגונג פון בעזונדערע עלעמענטען אין איין נייער פארם; אין לאגיק — די סינטעזע, די פעראייניגונג פון איינפאכע זעצע אדער בעגריפען אין א נייעם העכערען בעגריף; דאס ציהען דעם לאגישען שלוס פון אן אנגענומענעם פרינציפ, דאס ארויספיהרען א פרט פון א כלל; אין גראמאטיק — דאס פעראייניגען אין איין ווארט דעם ווארצעל פון א ווארט מיט זיינע פארמאטיווע טיילען [די טיילען, וועלכע גיבען צו דעם ווארט א בעשטימטע גראמאטיקאלישע פארם]; אין כעמיע — די אויסבילדונג פון א כעמישען קערפער דורך דער צוזאמענזעצונג פון זיינע בעזונדערע בעשטאנדטיילען [ווי די אויסבילדונג פון וואסער דורך דער צוזאמענזעצונג פון וואסערשטאף מיט זויער-שטאף]; אין כירורגיע — דאס צוזאמענשטעלען אדער דאס פעראייניגען די צובראכענע אדער פאנאנדערגעטיילטע טיילען פון אן אבר; אין אקוסטיק — קאמבינירען אדער פעראייניגען צוויי אדער עטליכע קלאנגען פון פערשיעדענער שטארקייט.

syn'thesize *v.* (סינ'-טהע-סאיז) פערבינדען, פעראייניגען, מאכען א סינטעזיס. ז. *synthesis*.

synthet'ic *a.* (סינ-טהעט'-איק) סינטהעטיש, צוזאמענזעצענד, פערבינדענד, פעראייניגענד. ז. *synthesis*.

synthet'ical *a.* (סינ-טהעט'-אי-קעל) ז. *synthetic*.

synthet'ically *adv.* (סינ-טהעט'-אי-קעל-אי) אויף א סינטהעטישען אופן, צוזאמענזעצענדיג, פעראייניגענדיג, פערבינדענדיג. ז. *synthesis*.

synthet'ic meth'od (סינ-טהעט'-איק מעטה'-אד) די סינטהעטישע מעטאדע [די מעטאדע ארויסצוגעהן פון אלגעמיינע פרינציפען און ארויסצודרינגען פון זיי די שלוס-פאלגערונגען].

synthet'ic philos'ophy (סינ-טהעט'-איק פי-לאס'-א-פי) די סינטעטישע פילאזאפיע, די פילאזאפיע פון הערבערט ספענסער, וועלכע שטרעבט אויסצוגעפינען איין גרונד-פרינציפ, וואס זאל זיין דער פונדאמענט פון אלע געזעצען פון די איינצעלנע וויסענשאפטען, ווי פיזיק, כעמיע, ביאלאגיע, פסיכאלאגיע, סאציאלאגיע און עטהיק. דיעזער גרונד-פרינציפ — דאס איז די עוואלוציאן, די לאנגזאמע ענטוויקלונג פון די איינפאכסטע פארמען ביז די קאמפליצירטעסטע. דיעזע ענטוויקלונג קומט פאר אין א צווייענדיגער ריכטונג. דער איינפאכער און איינפערמיגער שטאף, פון וועלכען די וועלט האט זיך אנגעהויבען, ווערט אלץ מעהר דיפערענצירט, ד. ה. ער טיילט זיך און ווערט אלץ מעהר פערשיעדענארטיג און פערשיעדענפערמיג. נאר אין דערזעלבער צייט ווי עס וואקסט אט די דיפערענצירונג, וואקסט פון דער אנדערער זייט די אינטעגרירונג, ד. ה. די צוזאמענבינדונג פון פערשיעדענארטיגע טיילען און פארמען אין איין ארגאנישען גאנצען.

synton'ic *a.* (סינ-טאנ'-איק) ז. *syntonous*.

syn'tonous *a.* (סינ'-טא-נאס) אין מוזיק — שארף, דורכדרינגענד.

syntrop'ic *a.* (סינ-טראפ'-איק) וואס דרעהט זיך אין דערזעלבער ריכטונג.

sy'pher-joint *n.* (סאי'-פער-דזשאינט) א פערבינדונג פון צוויי ברעטער-ענדען דורך אריבערלעגען איינעם אויף דעם אנדערען.

syph'ilis *n.* (סיפ'-אי-ליס) סיפילים, פראנצען [א ווענערישע קראנקהייט].

syphilit'ic *a.* (סיפ-אי-ליט'-איק) סיפיליטיש, אנגעשטעקט מיט סיפילים אדער פראנצען; וואס איז שייך צו סיפילים.

syphiliza'tion *n.* (סיפ-אי-לי-זיי'-שאן) די היילונג אדער פערהיטונג פון סיפילים דורך איינשפריצונגען פון סיפילים-גיפט אין קערפער אום איהם צו מאכען אונעמפפינדליך פאר די סיפילים-באצילען.

syph'ilize *v.* (סיפ'-אי-לאיז) איינשפריצען סיפילים-גיפט אין קערפער אלס רפואה געגען סיפילים.

syphilog'raphy *n.* (סיפ-אי-לאג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון סיפילים.

syph'iloid *a.* (סיפ'-אי-לאיד) עהנליך צו סיפילים.

syphilol'ogy *n.* (סיפ-אי-לאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען סיפילים.

sy'phon *n. and v.* (סאי'-פאן) ז. *siphon*.

syphon'ic *a.* (סאי-פאנ'-איק) ז. *siphonic*.

sy'ren *n. and a.* (סאי'-רען) ז. *siren*.

Syr'ia *n.* (סיר'-אי-א) דאס לאנד סיריען [אין אזיען].

Syr'iac *a. and n.* (סיר'-אי-עק) סיריש; וואס איז שייך צו דער סירישער שפראך אדער צו סיריען; די סירישע שפראך [איז עהנליך צו אראמיש אדער כאלדעאיש].

Syr'iacism *n.* (סיר'-אי-ע-סיזם) די אייגענטימליכקייטען פון דער סירישער שפראך, א סירישער אידיאם [אייגענטימליכער אויסדרוק].

Syr'ian *a. and n.* (סיר'-אי-ען) סיריש, וואס איז שייך צו סיריען; א סיריער, א געבארענער אדער איינוואהנער פון סיריען.

Syr'ianism *n.* (סיר'-אי-ענ-איזם) ז. *Syriacism*.

Syr'iarch *n.* (סיר'-אי-ארק) דער הויפט-פריסטער פון סיריען, ווען דאס לאנד האט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון דער רוימישער אימפעריע.

syrin'ga *n.* (סי-רינ'-גא) דער ווילדער יאסמין [אזא בוימעל מיט גרויסע ווייסע בלומען פון זעהר א שטארקען ארומאט]; דער טערקישער פליעדער [אזא בוימעל וואס זיינע בלעטער און בליהונג ווערען בענוצט אין מעדיצין].

syr'inge *n. and v.* (סיר'-אינדזש) א שפריצער; א קליינע פומפ; שפריצען; איינשפריצען.

syr'ingeful *n.* (סיר'-אינדזש-פול) אזוי פיעל וויפיעל א שפריצער קען אין זיך אריינגעהמען.

syringi'tis *n.* (סיר-אינ-דזשאי'-טיס) ענטצינדונג פון דעם אויסטאכישען ראהר. ז. *syrinx*.

syringot'omy *n.* (סיר-אינ-גאט'-א-מי) דער פיסטעל-שניט, די אויסשניידונג פון א פיסטעל. ז. *fistula*.

syr'inx *n.* (סיר'-אינקס) דער אויסטאכישער ראהר [דער ראהר ביי א קינד אין מוטער'ס בויך, וואס פערבינדט דעם אויער מיט דעם מויל]; דער שטים-ארגאן ביי א פויגעל; א פיסטעל [ז. *fistula*]; א פאסטוך-פייפעל.

syr'tic *a.* (סויר'-טיק) וואס איז שייך אדער וואס איז עהנליך צו א זאמד-באנק [אין ים].

syr'tis *n.* (סויר'-טיס) א זאמד-באנק [אין ים].

syr'up *n. and v.* (סיר'-אפ) סיראפ; צוקער-זאפט; צוקער-וואסער; בעשמיערען מיט סיראפ; זים מאכען דורך סיראפ.

syr'upy *a.* (סיר'-אפ-אי) סיראפדיג.

syssarco'sis *n.* (סיס-אר-קאו'-סיס) א פלייש-פערבינדונג, די פערבינדונג פון איין ביין מיט דעם אנדערען דורך מוסקולען.

systal'tic *a.* (סיס-טעל'-טיק) צוזאמענציהענד און פאנאנדערציהענד, פולסירענד [ווי דאס הארץ].

sys'tem *n.* (סיס'-טעם) א סיסטעם; א פלאן; אן ארדנונג; א סדר, א שטה, א מעטאדע; אין וויסענשאפט און פילאזאפיע — א זאמלונג פון פרינציפען און פאקטען וועלכע זיינען לאגיש פערבונדען צווישען זיך; א גאנצעס וואס איז צונויפגעשטעלט פון א רייה בעשטאנדטיילען; א צוזאמענשטעלונג; דאס געבוי אדער די צונויפשטעלונג פון קערפער.

systemat'ic *a.* (סיס-טע-מעט'-איק) סיסטעמאטיש, וואס איז מיט א סיסטעם אדער ארדנונג, מעטאדיש; וואס איז שייך צו דעם וועלט-סיסטעם אדער צו דער וועלט-ארדנונג.

systemat'ical *a.* (סיס-טע-מעט'-אי-קעל) ז. *systematic*.

systemat'ically *adv.* (סיס-טע-מעט'-אי-קעל-אי) מיט א סיסטעם, מיט אן ארדנונג, מיט א סדר; סיסטעמאטיש, לויט א בעשטימטער שטה אדער מעטאדע.

systematisa'tion *n.* (סיס-טע-מעט-אי-זיי'-שאן) ז. *systematization*

sys'tematise *v.* (סיס'-טעמ-ע-טאיז) ז. *systematize*

sys'tematism *n.* (סיס'-טעמ-ע-טיזם) סיסטעמאטיזירונג, דאס צונויפשטעלען אין א סיסטעם, סיסטעמאטישקייט.

sys'tematist *n.* (סיס'-טעמ-ע-טיסט) א סיסטעמאטיקער, איינער וואס בילדעט א סיסטעם, איינער וואס איז א קענער אין די סיסטעמען אדער קלאסיפיקאציאנען פון נאטור=געשיכטע; איינער וואס האלט זיך אן א סיסטעם; א צו=גרויסער מקפיד אויף פארמאליטעטען.

systematiza'tion *n.* (סיס-טע-מעט-אי-זיי'-שאן) די סיסטעמאטיזירונג, דאס ברייגנען אין א סיסטעם, דאס ברייגנען אין אן ארדנונג.

sys'tematize *v.* (סיס'-טעמ-ע-טאיז) סיסטעמאטיזירען, ברייגנען אין א סיסטעם, ברייגנען אין א וויסענשאפטליכער ארדנונג.

sys'tematizer *n.* (סיס'-טעמ-ע-טאי-זער) א סיסטעמאטיזירער, איינער וואס ברייגנט אין א סיסטעם.

systematol'ogy *n.* (סיס-טעמ-ע-טאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען אויפשטעלען סיסטעמען אדער פון סיסטעמאטיזירונג.

system'ic *a.* (סיס-טעמ'-איק) סיסטעמאטיש, מיט ארדנונג; וואס געהערט צו א סיסטעם; וואס געהערט צום געבוי אדער צו דער צוזאמענשטעלונג פון קערפער.

system'ically *adv.* (סיס-טעמ'-אי-קעל-אי) לויט א סיסטעם; אין דער גאנצער קערפער=סיסטעם, אין גאנצען קערפער.

systemiza'tion *n.* (סיס-טעמ-אי-זיי'-שאן) ז. *systematization*

sys'temize *v.* (סיס'-טעמ-איז) ז. *systematize*

sys'temizer *n.* (סיס'-טעמ-אי-זער) ז. *systematizer*

sys'temless *a.* (סיס'-טעמ-לעס) סיסטעמלאז, אהן א סיסטעם.

sys'tem-ma'ker *n.* (סיס'-טעמ-מיי'-קער) א סיסטעמען=מאכער, א סיסטעמען=פאבריצירער.

sys'tem-mon'ger *n.* (סיס'-טעמ-מאנ'-גער) א סיסטעמען=פאבריצירער.

sys'tole *n.* (סיס'-טא-לי) די רעגולערע צונויפציהונגען פון הארץ צוליעב וועלכער דאס בלוט ווערט געטריבען אין די פערשיעדענע קערפער=טיילען; אין גראמאטיק — די פערקירצונג פון א לאנגער זילבע.

systol'ic *a.* (סיס-טאל'-איק) וואס איז שייך צו דער צוזאמענציהונג פון הארץ; וואס איז שייך צו דער פערקירצונג פון א זילבע.

sys'tyle *a.* (סיס'-טאיל) אין ארכיטעקטור — וואס איז מיט זיילען, וועלכע שטעהען נאהנט איינער צום אנדערען.

syzyget'ic *a.* (סיז-אי-דזשעט'-איק) אין מאטעמאטיק — וואס איז שייך צו א לינעאלער בעציהונג אדער צו א לינעארען אויסדרוק [אן אויסדרוק וואס ווערט פארגעשטעלט דורך א ליניע].

syz'ygy *n.* (סיז'-אי-דזשי) אין אסטראנאמיע — די צוזאמענטרעפונג פון א פלאנעט מיט דער זון אדער די צוזאמענטרעפונג פון צוויי שטערען אין איין מערידיאן=ליניע אין געגענזעצטע פונקטען; אין מאטעמאטיק — א לינעארע בעציהונג אדער פונקציאן; אין דער גריכישער פאעזיע — א קאמבינאציאן אדער גרופע פון צוויי פערזען=פים.

T

T, t (טי) דער צוואנציגסטער בוכשטאב פון דער *a-b-c*

tab *n.* (טעב) א לעפעל; א שוך=אויערעל; א נאכהענגענדער טייל פון עפעם; א נאכהענגענדער ארבעל [פון א קינדערשען יאקעל].

tabaco'sis *n.* (טעב-ע-קאו'-סיס) א כראנישע טאבאק=פערגיפטונג [קומט פון איינאטעמען טאבאק=שטויב].

taba'nus *n.* (טע-ביי'-נאס) די פיה=פליעג, די פערד=פליעג. ז. *gadfly*

tab'ard *n.* (טעב'-ארד) אזא פארצייטיגער מאנטעל פון גראבען שטאף; א וואפען=ראק [א מאנטעל מיט קורצע ארבעל וואס די מיטעלאלטערליכע ריטער פלעגען טראגען איבער די וואפען]; א העראלד=ראק [א מאנטעל אהן ארבעל וואס עס פלעגען טראגען די מיטעלאלטערליכע העראלדען].

tab'arder *n.* (טעב'-אר-דער) א טרעגער פון אזא מיטעלאלטערליכען מאנטעל; א ריטער, א העראלד. ז. *tabard*

tab'aret *n.* (טעב'-ע-רעט) א מין געשטרייפטער זיידענער מעבעל=שטאף.

tabas'co *n.* (טע-בעס'-קאו) א שארפער שמעקענדער סאוס געמאכט פון שפאנישען פעפער; די זאמען פון שפאנישען פעפער.

tabasheer' *n.* (טעב-ע-שיער') באמבוס=זאפט אדער באמבוס=צוקער [אזא קראכמאל=עהנליכער שטאף אין באמבוס=בוימער].

tabashir' *n.* (טעב-ע-שיער') ז. *tabasheer*

tab'binet *n.* (טעב'-אי-נעט) אזא האלב=וואלענער, האלב=זיידענער מעבעל=שטאף.

tab'by *n., a. and v.* (טעב'-אי) מארע אדער מאאר, א וועלענארטיגער זיידען=שטאף; א שימערענדער, וועלענארטיגער שטאף; א קאץ [א "זי"]; א געשטרייפטע אדער גרוי=געפלעקטע קאץ; אן אלטע מויד; א רכילות'ניצע; א געמיש פון קאלך, זאמד און שטיינדלעך [פון וועלכען מען מאכט א מין ציגעל]; שימערענד; וועלענארטיג; געפלעקט, געשטרייפט; געמאכט פון א וועלענארטיגען שטאף; צוגעבען א וועלענארטיגען אויסזעהן [וועגען צייג].

tab'by-cat' *n.* (טעב'-אי-קעט') א געשטרייפטע אדער גרוי=געפלעקטע קאץ; א קאץ [א "זי"].

tabefac'tion *n.* (טעב-אי-פעק'-שאן) אויסצעהרונג, שווינדזוכט.

tab'efy *v.* (טעב'-אי-פאי) 1. אויסצעהרען, אבצעהרען; 2. אויסגעצעהרט ווערען.

1. Meat eaten in great quantities **tabefies** the body.

tabel'lion *n.* (טע-בעל'-יאן) א שרייבער, א נאטאריוס [אין אלטען רוים און פארצייטענס אין פראנקרייך].

taber'na *n.* (טע-בויר'-נא) אין פארצייטיגען רוים — א געצעלט, א בודע, א שטעל, א קראם, א ווערקשטאט.

tab'ernacle *n. and v.* (טעב'-ער-נעקל) א געצעלט א סוכה, א פאוויליאן, א ביידעל; דער אהל מועד [דאס הייליגע געצעלט ביי די אידען אין משה'ס צייטען]; א וואהנונג, אן אויפהאלטונגס=ארט, א צייטווייליגע וואהנונג; דער מענשליכער קערפער [אלס צייטווייליגער אויפהאלטונגס=פלאץ פאר דער נשמה]; א געבעט=הויז; א קירך; א טאבערנאקעל [א קעמערעל פאר'ן הייליגען ברויט אין די קאטוילישע קירכען]; צייטווייליג וואהנען אדער זיך אויפהאלטען.

tab'ernacle-work *n.* (טעב'-ער-נעקל-הוואירק) גיטער=ווערק, נעץ=ווערק; א מיטעלאלטערליכער בוי=סטיל, וועלכער האט פארגעשטעלט ווי א רייה טאבערנאקעלס [בעציערטע קעמערלעך פאר'ן הייליגען ברויט אין די קאטוילישע קירכען].

tabernac'ular *a.* (טעב-ער-נעק'-יו-לאר) געצעלט=פערמיג, ווי א געצעלט; וואס איז שייך צו א געצעלט אדער צו א גאטעס=הויז; וואס איז שייך צום אהל מועד; וואס איז שייך צו א טאבערנאקעל; רייך בעציערט [וועגען געביידען]. ז. *tabernacle*

taber'næ *n.* (טע-בויר'-ניע) געצעלטען; בודען; שטעלען. ז. *taberna*

ta'bes *n.* (טיי'-ביעז) אויסצעהרונג, סוכאטע, שווינדזוכט; שווינדזוכט פון רוקען=מארך.

tabes'cence *n.* (טע-בעס'-ענס) אויסצעהרונג; אבצעהרונג; אבגעצעהרטקייט; סוכאטע, שווינדזיכטיגקייט.

tabes'cent *a.* (טע-בעס'-ענט) וואס ליידט פון אויסצעהרונג, שווינדזיכטיג.

tabet'ic *a. and n.* (טע-בעט'-איק) שווינדזיכטיג; וואס האט אויסצעהרונג [פון רוקען=מארך]; איינער וואס ליידט פון אויסצעהרונג אדער סוכאטע; א שווינדזיכטיגער; איינער וואס ליידט פון שווינדזוכט פון רוקען=מארך.

tab'ic *a.* (טעב'-איק) שווינדזיכטיג; וואס איז שייך צו אדער וואס ליידט פון סוכאטע, אויסצעהרונג אדער שווינדזוכט [פון רוקען=מארך].

tab'id *a.* (טעב'-איד) אבגעצעהרט; שווינדזיכטיג.

For a **tabid** person milk is the best restorative.

tab'idly *adv.* (טעב'-איד-לי) אויף א שווינדזיכטיגען אדער אויסצעהרענדען אופן.

tab'idness *n.* (טעב'-איד-נעס) אבגעצעהרטקייט, אויסצעהרונג; שווינדזיכטיגקייט.

tabif'ic *a.* (טע-ביפ'-איק) אויסצעהרענד.

tab'inet *n.* (טעב'-אי-נעט) ז. *tabbinet*

tab'itude *n.* (טעב'-אי-טיוד) אבגעצעהרטקייט.

tab'lature *n.* (טעב'-לע-טשור) טאבלאטור, טאבולאטור, וואנד-מאלעריי; רעקענמאלעריי, פרעסקען; א פארצייטיגע נאטען-בעצייכנונג דורך בוכשטאבען און ציפערען אנשטאט נאטען; אין אנאטאמיע— די פאנאנדערטיילונג פון דעם שארבען אויף די ביינער-פלאטען.

ta'ble *n., a. and v.* (טייבל) 1. א טיש; א ברעט, א טאפעל, א טאוועל; א לוח, א פלאטע; א שפיעל-ברעט; אן אבדאך; א געזימס; איינער פון די ביינער-פלאטען פון דעם שארבען; א בעציערטע מצבה אדער א געוועלבטע געביידע איבער א קבר; 2. טיש-רעקונג, שפייזען; קעסט; 3. א טיש-קאמפאניע [צום עסען, שפיעלען א. ז. וו.]; 4. אן אפיציעלע קערפערשאפט; 5. א פלעכע, א פלאכע געגענד; 6. די האנד-פלעכע [דלאניע]; 7. אן אויפשריפט אדער צייכנונג אויף א פלאטע אדער פלעכע; 8. א טאבעלע, א ליסטע, א קאטאלאג, א צעטעל, א רעגיסטער; א צעטעל פון קורצע אויסציגע אדער איינצעלהייטען; 9. וואס איז שייך אדער בעלאנגט צו א טיש; עהנליך צו א טיש [אין פארם]; 10. מאכען א טאבעלע אדער ליסטע; 11. ארויסלעגען אויף'ן טיש, בעצאהלען אויף'ן ארט; 12. אבלעגען אויף דערווייל [א פראגע, א רעזאלוציאן א. ז. וו.]; 13. איינפעסטיגען צוויי ברעטער; 14. זיין אויף קעסט, זיך שפייזען.

2. She always keeps a good **table**. 4. The Hungarian Diet is divided into the **Table** of Magnates and the **Table** of Deputies. 7. The two **tables** of the law. 8. The child studies the multiplication **table**. 12. The resolution was **tabled** by a unanimous vote.

tableau' *n.* (טעב-לאו') א בילד, א בילדליכע פארשטעלונג; א לעבעדיג בילד [א סצענע אדער בילד פארגעשטעלט פון מענשען אין געוויסע פאזיציאנען]; א טאבעלע, א קאטאלאג, א ליסטע, א צעטעל.

tableau' vivant' (טעב-לאו' ווי-וואן') א לעבעדיג בילד [א בילד אדער סצענע פארגעשטעלט פון מענשען אין געוויסע פאזיציאנען].

ta'ble beer (טייבל ביער) טיש-ביער [א שוואכער ביליגער ביער פאר טיש-געברויך].

ta'ble-board *n.* (טיי'בל-באורד) א שפיעל-ברעט; א טיש; קעסט [אהן לאזשי אדער קווארטיר].

ta'ble-book *n.* (טיי'בל-בוק) א נאטיץ-בוך, אן אנמערקונגס-בוך; א בוך מיט מאטעמאטישע טאבעלען; א בוך וואס ליעגט אויף'ן טיש [פאר געסט זיי זאלען האבען אין וואס אריינצוקוקען, אום זיי זאלען זיך ניט לאנגוויילען].

ta'ble-chair *n.* (טיי'בל-טשעהר) אזא פארצייטיגער שטוהל, וועלכער האט געקענט פערוואנדעלט ווערען אין א טיש, ווען מען האט אראבגעבויגען דעם לעהן.

ta'ble-cloth *n.* (טיי'בל-קלאהטה) א טישטוך; א טיש-דעק.

ta'ble-clo'thing *n.* (טיי'בל-קלאו'-טהינג) ז. *table-linen*.

ta'ble-cov'er *n.* (טיי'בל-קאוו'-ער) א טיש-דעקע.

ta'ble-cut *n. and a.* (טיי'בל-קאט) א געוויסע פארם פון שלייפען עדעלשטיינער [ווי דימענטען, רובינען א. ד. ג.], וואו די פאדערשטע זייט פון שטיין ווערט אבגעשליפען מיט א ברייטער פלעכע און די איבריגע זייטען מיט קליינע, מייסטענס דרייעקיגע, פלעכען; וואס האט א גרויסע אבגעשליפענע פלעכע אויף דער פאדערשטער זייט [וועגען אן עדעלשטיין].

ta'ble cut'lery (טייבל קאט'-לער-אי) גאפעל-מעסער וואס ווערט געברויכט ביים טיש.

ta'ble d'hôte (טאבל דאוט) טאבעל-דא, א געמיינשאפטליכער שפייז-טיש אין א האטעל אדער גאסט-הויז; א פאלשטענדיגער רעגעלמעסיגער מאהלצייט אין א האטעל אדער רעסטאראן [אין געגענזאץ צו א מאהלצייט וואס א בעזוכער קלייבט זיך אליין אויס].

ta'ble d'hôte din'ner (טאבל דאוט דינ'-ער) א רעגעלמעסיגער, פאלשטענדיגער אנבייסען אין א האטעל אדער רעסטאראן [אין געגענזאץ צו אן אנבייסען וואס א בעזוכער קלייבט זיך אליין אויס].

ta'ble-di'amond *n.* (טיי'בל-דאי'-ע-מאנד) א דימענט וואס זיין פאדערשטע זייט איז געשליפען מיט א ברייטער פלעכע.

ta'ble-draw'er *n.* (טיי'בל-דראה'-ער) א טיש-קעסטעל, א שופלאד.

ta'ble entertain'ment (טייבל ענ-טער-טיינ'-מענט) א טיש-פארשטעלונג [א פארשטעלונג פון א זינגער, דעקלאמאטאר א. ז. וו. ניט אויף א ביהנע, נאר ביי א טיש צווישען עולם].

ta'bleful *n.* (טיי'בל-פול) א פולער טיש [אזוי פיעל זאכען וויפיעל עס קענען זיך אויסשטעלען אויף א טיש אדער אזוי פיעל מענשען וויפיעל עס קענען זיך אויסזעצען ארום א טיש].

ta'ble glass (טייבל גלעס) טיש-גלאז [גלעזערנע כלים צום טיש-געברויך].

ta'ble-grin'der *n.* (טיי'בל-גראינ'-דער) אזא שלייף-ברעט אדער שלייף-באנק.

ta'ble-land *n.* (טיי'בל-לענד) הויכעס און פלאכעס לאנד. ז. *plateau*.

ta'ble-leaf *n.* (טיי'בל-ליעף) א טיש-קלאפע [א הענגענדעס ברעט ביים ברעג פון א טיש, וואס הויבט זיך אויף, ווען מען וויל מאכען דעם טיש גרעסער]; אן איינזאץ-ברעט אין א טיש וואס קען זיך פאנאנדערדרוקען.

ta'ble-lif'ting *n.* (טיי'בל-ליפ'-טינג) דער קונץ צו מאכען, אז א טיש זאל זיך אויפהויבען, ווען מען לעגט אויף איהם ארויף די הענד [ווי דאס ווערט פראקטיצירט פון ספיריטיסטען].

ta'ble-line *n.* (טיי'בל-לאין) אזא אדער אין דער האנד-פלעכע [דלאניע].

ta'ble-lin'en *n.* (טיי'בל-לינ'-ען) טיש-וועש, טיש-צייג [ווי טישטיכער, סערוועטלעך א. ז. וו.].

ta'blement *n.* (טיי'בל-מענט) א פונדאמענט-שטיין [ווי פון א זייל].

ta'ble-mon'ey *n.* (טיי'בל-מאנ'-אי) טיש-געלד [אן עקסטרא סומע געלד וואס ווערט ארויסגעגעבען צו די העכערע בעאמטע אין דער ענגלישער ארמעע און פלאטע פאר אפיציעלע אונטערהאלטונגען; געצאהלט פאר דעם געברויך פון דעם עס-צימער אין א קלוב].

ta'ble moun'tain (טייבל מאונ'-טיין) א בארג מיט א פלאכען שפיץ.

ta'ble-mo'ving *n.* (טיי'בל-מוה'-ווינג) ז. *table-tipping*.

ta'ble of contents' (טייבל אוו קאנ-טענטס') אינהאלטס-פערצייכניס.

ta'bler *n.* (טיי'-בלער) א קעסטניק, א קעסט-קינד; איינער וואס האלט קעסטניקעס, א קעסט-געבער; א שאך-ברעט.

ta'ble-rap'ping *n.* (טיי'בל-רעפ'-אינג) דאס קלאפען פון ארויסגערופענע גייסטער אויף'ן טיש [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

ta'ble-rent *n.* (טיי'בל-רענט) א שטייער פאר דער הויז-ווירטשאפט פון א בישאף און אנדערע גייסטליכע [פארצייטענס אין ענגלאנד].

ta'ble-saw *n.* (טיי'בל-סאה) א לאך-זעג אדער שפיץ-זעג. ז. *compass-saw*.

ta'ble-ser'vice *n.* (טיי'בל-סויר'-וויס) א טיש-סערוויז, טיש-געשיר, טיש-געפעס.

ta'ble-shore *n.* (טיי'בל-שאור) א נידריגער, פלאכער ברעג.

ta'ble-spar *n.* (טיי'בל-ספאר) דער שאלשטיין [אזא מינעראל].

ta'ble-spoon *n.* (טיי'בל-ספוהן) אן עס-לעפעל.

ta'ble-spoon'ful *n.* (טיי'בל-ספוהנ'-פול) אן עס-לעפעל-פול [אזוי פיעל וויפיעל עס קען אריין אין אן עס-לעפעל].

tab'let *n. and v.* (טעב'-לעט) א טאוועלע, א קליינע פלאטע [הויפטזעכליך מיט אן אויפשריפט]; א בלעטעל פון א נאטיץ-ביכעל, א נאטיץ-ביכעל [געמאכט פון א הארטען שטאף ווי למשל, פון שיפער]; א טאבלעטקע, א פלאטקע [ווי פון שאקאלאד, מעדיצין א. ז. וו.]; איינער פון די ביינער-פלאטען פון דעם קאפ-שארבען; איינפרעסען פלאך, מאכען אין דער פארם פון א טאוועלע אדער טאבלעטקע [ווי למשל, א מעדיצין].

ta'ble-talk *n.* (טיי'בל-טאהק) א טיש-געשפרעך.

ta'ble-talk'er *n.* (טיי'בל-טאהק'-ער) א טיש-רעדנער, א טיש-אונטערהאלטער.

ta'ble-tip'ping *n.* (טיי'בל-טיפ'-אינג) דאס דרעהען אדער בעוועגען א טיש דורך ארויסגערופענע גייסטער [לויט דעם גלויבען פון די ספיריטיסטען].

ta'ble-tomb *n.* (טיי'בל-טוהם) א טיש-עהנליכער קבר, א קבר צוגעדעקט מיט א מצבה [ביי די פארצייטיגע רוימער].

ta'ble-topped *a.* (טיי'בל-טאפט) מיט א פלאכען אויבערשטען טייל.

tab'lets *n.* (טעב'-לעטס) א נאטיץ-ביכעל; קליינע טאוולען אדער פלאטען. ז. *tablet*.

tab'lette *n.* (טעב'-לעט) א טאוועלע, א קליינע פלאטע; א טאבלעטקע, א פלאטקע. ז. *tablet*.

ta'ble-tur'ning *n.* (טיי'בל-טויר'-נינג) ז. *table-tipping*.

ta'bleware *n.* (טיי'בל-הוועהר) טיש-געשיר, טיש-געפעס.

ta'ble-work *n.* (טיי'בל-הוואירק) טאבעלען-דרוק, טאבעלען-זאץ.

tabli'na *n.* (טעב-לאי'-נא) פאמיליען-ארכיוועז [ביי די פארצייטיגע רוימער]. ז. *tablinum*.

ta'bling *n.* (טיי'-בלינג) אן אבדאך, א געזימס; לייווענט פאר טיש-וועש; דער זוים פון א זעגעל; אין אנאטאמיע — טאבלאטור [ז. *tablature*].

tabli'num *n.* (טעב-לאי'-נאם) א פאמיליען-ארכיוו [ביי די פארצייטיגע רוימער].

taboo' *n., a. and v.* (טע-בוה') טאבו [ביי די פאלינעזער און אנדערע איינוואהנער פון די פאסיפישע אינזלען — א חרם, א פערבאט, דאס ערקלערען א זאך אדער פערזאן אלס הייליג אדער אלס פערבאטען]; א פערבאט, א חרם; וואס איז פערבאטען; אונטער א חרם; אונטער דעם חרם פון טאבו; ארויפלעגען א טאבו; ארויפלעגען א חרם; פערבאטען.

ta'bor *n. and v.* (טיי'-באר) א טאמ-

בורין, א האנד=פייקעל; א טאבאר [ביי די פארצייטיגע וואנדערענדע טערקען און סלאווען — א בעפעסטיגונג· געמאכט פון וואגענס וועלכע ווערען אויסגעשטעלט אין דער רונד: א בעפעסטיגונג, א פעסטונג]; פייקלען אויף א טאמבורין אדער האנד=פייקעל.



Tabor

ta′borer *n.* (טיי′-באר-ער) א פייקלער; איינער וואס פויקט אויף א טאמבורין אדער האנד=פייקעל.

tab′oret *n.* (טעב′-א-רעט) א קליינער טאמבורין [האנד=פייקעל]; א טאבורעט [א שטוהל אהן א לעהן אדער מיט א זעהר נידריגען לעהן]; א שטיקעריי=ראהם; א נאדעל=טעשעל.

tab′orine *n.* (טעב′-א-רין) א טאמבורין, א האנד=פייקעל, א פייקעל.

ta′bors *n.* (טיי′-בארז) א פערפעסטיגונג מיט באגאזש=זאכען [געגען אן איבערפאל פון קאוואלעריע]; טאבארען; טאמבורינען, האנד=פייקלעך. ז. *tabor*

ta′bour *n. and v.* (טיי′-באר) א טאמבורין, א האנד=פייקעל; פויקען [אויף א טאמבורין], פייקלען.

ta′bourer *n.* (טיי′-באר-ער) ז. *taborer*

tab′ouret *n.* (טעב′-או-רעט) ז. *taboret*

tab′ourine *n.* (טעב′-או-רין) ז. *taborine*

tab′ret *n.* (טעב′-רעט) א קליינער טאמבורין אדער האנד=פייקעל.

tabu′ *n., a. and v.* (טע-בוה′) ז. *taboo*

tab′ula *n.* (טעב′-יו-לא) א טיש; א פלאטע; א הארטע, ברייטע, פלאכע אויבערפלעכע [ווי פון א ביין]; א טאוועל, א לוח; א שריפט, א דאקומענט.

tab′ular *a.* (טעב′-יו-לאר) טאוועל=פערמיג, ברעט=ארטיג; וואס קומט אין שיכטען; ווי א פלאטע, פלאך; אויסגעשטעלט ווי א טאבעלע.

tab′ula ra′sa (טעב′-יו-לא ריי′-סא) א וואקסענער טאוועל מיט אבגעריבענער שריפט; א ליידיגער בלאט, אן אונבעשריבענער בלאט.

tab′ular bones (טעב′-יו-לאר באונז) פלאכע ביינער.

tabula′rium *n.* (טעב-יו-ליי′-רי-אם) אן ארכיוו.

tabulariza′tion *n.* (טעב-יו-לאר-אי-זיי′-שאן) ז. *tabulation*

tab′ularize *v.* (טעב′-יו-לאר-איז) צוזאמענשטעלען אין א טאבעלע.

tab′ularly *adv.* (טעב′-יו-לאר-לי) אין דער פארם פון א טאבעלע; מיט דער הילף פון א טאבעלע.

tab′ular spar (טעב′-יו-לאר ספאר) ז. *table-spar*

tab′ular stan′dard (טעב′-יו-לאר סטענ′-דארד) א מאסשטאב, לויט וועלכען עס ווערט בעשטימט, ווי גרויס עס דארף זיין אין א צייט ארום די סומע געלד פון א חוב, אז זי זאל האבען דיזעלבע קויף=קראפט וואס זי האט איצטער.

tab′ular work (טעב′-יו-לאר הוואירק) ז. *table-work*

tab′ulate *v. and a.* (טעב′-יו-לייט) צוזאמענשטעלען אין טאבעלען; מאכען פלאך ווי א ברעטעל אדער א פלאטע; פלאטענפערמיג, פלאך.

tabula′tion *n.* (טעב-יו-ליי′-שאן) דאס צוזאמענשטעלען אין א טאבעלע.

tab′ulator *n.* (טעב′-יו-ליי-טאר) א טאבעלען=צוזאמענשטעלער.

ta′bum *n.* (טיי′-באם) ז. *sanies*

tac′amahac *n.* (טעק′-ע-מע-העק) טאקאמאהאק [אזא שמעקענדער בוים=זאפט]; א טאקאמאהאק=בוים [פון וועלכען מען בעקומט טאקאמאהאק]; דער באלזאם=פאפעל אדער באלזאם=טאפאל [אזא אמעריקאנישער בוים מיט שמעקענדע בלעטער=שפראצען אדער שפראץ=אויגעלעך].

tacamahac′a *n.* (טעק-ע-מע-העק′-א) טאקאמאהאק; דער טאקאמאהאק=בוים. ז. *tacamahac*

ta′ce *int.* (טיי′-סי) שא! שטיל!

tache *n.* (טעש) א הויט=פלעק; א הויט=שפרענקעל; א פלעק; א נייגונג; איינער פון א רייה פאנען צום אויסקאכען צוקער.

tacheom′eter *n.* (טעק-אי-אמ′-ע-טער) א געשווינדיגקייטס=מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די געשווינדיגקייט פון א מאשין, פון א פליסענדען וואסער אדער פון דער בלוט=צירקולאציאן אין אן אדער. ז. *tachometer*]; אזא לאנד=מעסטונגס=אינסטרומענט [ז. *tachymeter*].

tachom′eter *n.* (טע-קאמ′-ע-טער) א געשווינדיגקייטס=מעסטער [אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שנעלקייט פון א פליסענדען וואסער אדער פון דער בלוט=צירקולאציאן אין אן אדער].

tachom′etry *n.* (טע-קאמ′-ע-טרי) דער געברויך פון א געשווינדיגקייטס=מעסטער. ז. *tachometer*

tachycar′dia *n.* (טעק-אי-קאר′-די-א) א צו שנעלער פולס.

tachyg′rapher *n.* (טע-קיג′-רע-פער) א טאכיגראף, א סטענאגראף. ז. *tachygraphy*

tachygraph′ic *a.* (טעק-אי-גרעפ′-איק) טאכיגראפיש, סטענאגראפיש. ז. *tachygraphy*

tachygraph′ical *a.* (טעק-אי-גרעפ′-אי-קעל) ז. *tachygraphic*

tachyg′raphy *n.* (טע-קיג′-רע-פי) טאכיגראפיע [סטענאגראפיע ביי די פארצייטיגע רוימער און גריכען]; סטענאגראפיע [א שרייב=סיסטעם דורך אבקירצונגען און צייכענס]. ז. *stenography*

tachym′eter *n.* (טע-קימ′-ע-טער) אזא לאנד=מעסטונגס=אינסטרומענט.

tac′it *a.* (טעס′-איט) 1. שטיל, שטילשווייגענד; 2. ניט אויסגעדריקט אין ווערטער, וואס פערשטעהט זיך פון זיך, וואס פערשטעהט זיך במילא.

2. There was a **tacit** understanding between them that some day he would marry her.

tac′itly *adv.* (טעס′-איט-לי) שטילשווייגענד; אהן ווערטער; פערשטאנענע פון זיך אליין.

His inability to hold the position was tacitly admitted.

tac′iturn *a.* (טעס′-אי-טוירן) שווייגעדיג, שווייגזאם, וואס רעדט ווייניג, צוריקגעהאלטען אין רעדען.

Because of his **taciturn** manner we found it hard to reach an agreement with him.

tac′iturnist *n.* (טעס′-אי-טויר-ניסט) א שווייגער.

tacitur′nity *n.* (טעס-אי-טויר′-ני-טי) שווייגזאמקייט, שווייגעדיגקייט, צוריקגעהאלטענקייט אין רעדען.

tac′iturnly *adv.* (טעס′-אי-טוירנ-לי) שווייגעדיג, אויף א שווייגזאמען אופן, צוריקגעהאלטען אין רעדען.

tack *n. and v.* (טעק) א שטיפט, א טשוועקעל; א פערסטריגע; אזא זעגעלשטריק; א שיפס=ווענדונג, א שיפס=ריכטונג, א דרעה [ביים צופאסען זיך צו דעם ווינד]; א ווענדונג, א ריכטונג, א קורס; אזא בעפעסטיגונג פון א וואסער=רעהר, גאז=רעהר א. ז. וו. צו א וואנד; עטוואס וואס איז צוגענאגעלט, צוגעפעסטיגט, פערבונדען אדער צוזאמענגעסטריגעט; בעפעסטיגטקייט, שטאנדהאפטיגקייט; קלעפעדיגקייט, פייכטקייט [פון א געמאלענעם בילד]; שפייז, קעסט; ברויט [אויף דער מאטראזען=שפראך]; בעפעסטיגען מיט שטיפטען; פערסטריגעווען; פעראייניגען, פערבינדען, צוזאמענפעסטיגען; צושטעפען; ענדערען די ריכטונג, לאווירען, זיך דרעהען, קירעווען.

tack about′ (טעק ע-באוט′) קירעווען, לאווירען, ענדערען די ריכטונג.

tack′-claw *n.* (טעק′-קלאה) אן אינסטרומענט צום ארויסציהען שטיפטען אדער טשוועקלעך.

tack′-comb *n.* (טעק′-קאום) א רייה שטיפטלעך [אנגעשטאכען אין דער פארם פון א קאם פאר שוסטערס].

tack′-dri′ver *n.* (טעק′-דראי′-ווער) א האמער אדער אן אנדער אינסטרומענט ארייננצושלאגען שטיפטען אדער טשוועקלעך.

tack′er *n.* (טעק′-ער) איינער וואס סטריגעוועט; איינער וואס בעפעסטיגט מיט שטיפטען; איינער וואס בעפעסטיגט אדער בינדט צוזאמען; אן אינסטרומענט ארייננצושלאגען שטיפטען.

tack′et *n.* (טעק′-עט) א שטיפטעל, א טשוועקעל.

tack′ey *a. and n.* (טעק′-אי) ז. *tacky*

tack′-ham′mer *n.* (טעק′-העמ′-ער) א האמער צום ארייננשלאגען שטיפטען אדער טשיועקלעך [און אויך צום ארויסציהען טשיועקלעך].

tack′iness *n.* (טעק′-אי-נעס) קלעפיגקייט, ציהיגקייט.

tack′le *n. and v.* (טעקל) א פארריכטונג צום אנכאפען, צום פעסטהאלטען, צום הויבען און בעוועגען; טאקעל=ווערק שיפס=שטריק, הויב=מאשינען [אויף שיפען]; שטריק=ווערק; אן אויסריכטונג, א גאנג, א קאמבינאציאן פון זאכען [ווי וואפען, שפאן=געצייג, מעכאנישע אינסטרומענטען א. ז. וו.]; דאס אנכאפען; פעסטהאלטונג; צופעסטיגונג; צופעסטיגען, אנכאפען, פעסטהאלטען; זיך ארויפווארפען; זיך ענערגיש א נעהם טהאן [צו אימעצען אדער צו עפעס]; אנטהאן א פערד דאס שפאן=געצייג.

tack′le-block *n.* (טעק′ל-בלאק) דער טאקעל=בלאק [א רעדעל פון א הויב=מא=

שיז, אויף וועלכען עס דרעהט זיך א שטריק].

tack'le-board *n.* (טעק'ל-באורד) א געשטעל געברויכט ביים דרעהען שטריק, צו וועלכען עס בעפעסטיגען זיך די איינ־צעלנע דיקע פעדים ביים צוזאמענדרעהען זיי.

tack'led *a.* (טעקלד) געמאכט פון שטריק.

tack'led stair (טעקלד סטעהר) א שטריק־לייטער.

tack'le-post *n.* (טעק'ל-פאוסט) א שטריק־דרעה מאשין.

tack'le to (טעקל טו) זיך א נעהם טהאן, זיך אנזעצען.

tack'le up (טעקל אפ) א איינשפאנען א פערד, אנטהאן דעם שפאן־געצייג אויף א פערד.

tack'-lif'ter *n.* (טעק'-ליפ'-טער) ז. *tack-claw*.

tack'ling *n.* (טעק'-לינג) טאקעל־ווערק, שטריק־ווערק, שטריק און הויב־מאשינען אויף שיפען; אויסריכטונג, א גאנג, א קאמבינאציאן פון זאכען וואס זיינען נוי־טיג פאר עפעס. ז. *tackle*.

tack'y *a. and n.* (טעק'-אי) ציהיג, קלעפיג; אן אויסגעמאגערט פערד; אן אויסגעמאגערטער מענש.

tac'mahack *n.* (טעק'-מע-העק) טאקא־מאהאק; דער טאקאמאהאק־בוים. ז. *tacamahac*.

tact *n.* (טעקט) טאקט [שיקליכקייטס־געפיהל, קלוגהייט, פעהיגקייט צו האנדלען און ריידען פאסיג אדער אזוי, אז מען זאל קיינעם ניט בעליידיגען]; דער טאקט [אין מוזיק]; בעריהרונג, אנריהרונג, פיהלונג [מיט די פינגער], אנטאפונג.

tac'table *a.* (טעק'-טעבל) וואס מען קען אנריהרען אדער אנטאפען, פיהלבאר.

tact'ful *a.* (טעקט-פול) טאקטיש, טאקט־פול, קלוג, אויסגערעכענט.

tac'tic *a. and n.* (טעק'-טיק) טאקטיש [אין ריידען אדער בענעהמונג]; וואס איז שייך צו טאקטיק; טאקטיק [די קריעגס־וויסענשאפט, די קונסט אויסצו־שטעלען מיליטער אדער א פלאטע און מאכען פערשיעדענע מאנעווערען]; א טאק־טיק [א האנדלונגס־מעטאדע, פלענער און איינפעלע ווי עפעס צו דערגרייכען].

tac'tical *a.* (טעק'-טי-קעל) טאקטיש. ז. *tactic*.

tac'tically *adv.* (טעק'-טי-קעל-אי) מיט טאקט, טאקטיש, לויט טאקטיק. ז. *tactic*.

tac'tical point (טעק'-טי-קעל פאינט) א סטראטעגישער פונקט, א פלאץ וואס איז זעהר וויכטיג צו פערכאפען אדער צו האלטען אויף א שלאכט־פעלד.

tacti'cian *n.* (טעק-טיש'-ען) א טאק־טיקער, א קענער אין טאקטיק. ז. *tactics*.

tac'tics *n.* (טעק'-טיקס) טאקטיק [קריעגס־וויסענשאפט, די קונסט אויסצו־שטעלען מיליטער אדער א פלאטע און מאנעווּרירען מיט זיי; א האנדלונגס־מע־טאדע, פלענער און איינפעלע ווי עפעס צו דערגרייכען].

tac'tile *a.* (טעק'-טיל) 1. וואס איז שייך צו דער פעהיגקייט אנצוטאפען אדער פיה־לען דורך בעריהרונג [חוש המשוש]; וואס שאפט בעגריפע דורך פיהלונג אדער אנ־טאפונג; 2. פיהלבאר, עמפפינדבאר, וואס מען קען אנטאפען אדער פיהלען דורך בע־ריהרונג; 3. וואס איז צוגעפאסט צום פיהלען אדער אנטאפען; 4. וואס בע־שטעהט אין פיהלען אדער אנטאפען; וואס קומט פון בעריהרונג; וואס ווערט בע־ווירקט פון בעריהרונג.

1. Certain portions of the skin possess a specially fine tactile sensibility. 3. A bat's wing is a highly tactile surface. 4. Our skin is the seat of tactile impressions.

tac'tile cor'puscle (טעק'-טיל קאהר'-פאסל) ז. *touch-corpuscle*.

tac'tile sense (טעק'-טיל סענס) דאס אנטאפונגס־געפיהל [חוש המשוש].

tactil'ity *n.* (טעק-טיל'-אי-טי) פיהל־בארקייט, עמפפינדבארקייט, פעהיגקייט געפיהלט צו ווערען דורך בעריהרונג אדער אנטאפונג, פעהיגקייט אנגעטאפט צו ווע־רען.

tac'tion *n.* (טעק'-שאן) פיהלונג, אנטא־פונג, אנריהרונג, בעריהרונג; פעהיגקייט צו פיהלען דורך בעריהרונג אדער אנטא־פונג.

tact'less *a.* (טעקט-לעס) טאקטלאז, אונגעשיקט, אונפאסיג [אין האנדלען אדער ריידען].

tact'lessness *n.* (טעקט-לעס-נעס) טאקטלאזיגקייט, אונפאסיגקייט, אונגע־שיקטקייט [אין האנדלען אדער ריידען].

tac'tual *a.* (טעק'-טשו-על) וואס גיט איבער פיהלונג דורך בעריהרונג אדער אנ־טאפונג; וואס מאכט פיהלען א בעריה־רונג; וואס קומט פון אנטאפונג אדער בעריהרונג.

tac'tually *adv.* (טעק'-טשו-על-אי) דורך אנטאפונג אדער בעריהרונג; אין בעצוג צו אנטאפונג אדער בעריהרונג.

tac'tus *n.* (טעק'-טאס) אנטאפונגס־גע־פיהל, חוש המשוש.

tad *n.* (טעד) א קליין איינגעל [הויפט־זעכליך א גאסען־קינד].

Tador'na *n.* (טע-דאהר'-נא) דער מין בראנד־ענטלעך. ז. *sheldrake*.

tad'pole *n.* (טעד'-פאול) אן אונענטווי־קעלטער פראש, א פראש־ווארים [א פראש אדער זשאבע פון דער צייט ווען זי קומט ארויס פון איי ביז זי קומט צו איהר לעצטער ענטוויקלונגס־שטופע. ז. *metamorphosis*]; אזא קאלבען־טויכער מיט א בעוואקסענעם קאפ [ז. *merganser*].

tad'pole-fish *n.* (טעד'-פאול-פיש) א פיש מיט א גרויסען קאפ [ווי ביי אן אונענטוויקעלטען פראש]. ז. *tadpole*.

tæ'dium *n.* (טיע'-די-אם) לאנגווייליג־קייט, מיעדקייט; איבערדריסיגקייט.

tæ'dium vi'tæ (טיע'-די-אם וואי'-טיע) לעבענס־מיעדקייט; לעבענס־איבער־דרוס; א קראנקהאפטער צושטאנד, ווען מען פיהלט אן אבנייגונג צום לעבען און א ניי־גונג צו זעלבסטמארד.

tael *n.* (טיל) [אן טייל] א טייל אדער טאלע אריענטאלישעס געוויכט פון 1⅓ אונץ; א כינעזישע מטבע פון אונגעפעהר 78 סענט.

tæ'nia *n.* (טיע'-ני-א) א שטרייף, באנד אדער קארניז פון א זייל; אין אנאטא־מיע — א בינטעל נערוועז אדער אדערען; אזא לאנגער, שמאלער באנד געברויכט אלס ליגאטור [צו פערבינדען די אדערען בעת אן אפעראציאן, אום צו פערמיידען א בלוט־פלוס]; א באנד־ווארים [אזא פלאכער ווארים אין די געדערים. ז. *tapeworm*].

tæ'niacide *n.* (טיע'-ני-ע-סאיד) ז. *tænicide*.

tæ'niafuge *n.* (טיע'-ני-ע-פיודזש) ז. *tænicide*.

tæ'niate *a.* (טיע'-ני-אייט) אין אנאטא־מיע — באנדפערמיג; לאנג, שמאל און זעהר דין.

tæ'nicide *n.* (טיע'-ני-סאיד) א מעדי־צין צו פערניכטען באנד־ווערים. ז. *tænia*.

tæ'nifuge *n.* (טיע'-ני-פיודזש) ז. *tænicide*.

taf'ferel *n.* (טעפ'-ע-רעל) ז. *taffrail*.

taf'ferel-rail *n.* (טעפ'-ע-רעל-רייל) ז. *taffrail*.

taf'feta *n.* (טעפ'-ע-טא) טאפט אדער טאפעט [א מין זייד אדער לייווענד].

taf'fety *n.* (טעפ'-ע-טי) ז. *taffeta*.

taf'fia *n.* (טעפ'-אי-א) ז. *tafia*.

taff'rail *n.* (טעפ'-רייל) דער העק־בארד, דער העק־געלענדער [דער געלענדער אדער אויבערשטער טייל פון דעם הינטער־טייל פון א שיף].

taf'fy *n. and v.* (טעפ'-אי) 1. אזא צוי־קערקע; 2. חניפה; 3. חנפ'נען; ווירקען אדער פועל'ען עפעס דורך חניפה.

3. He was taffied into yielding.

Taf'fy *n.* (טעפ'-אי) אן איינוואהנער פון וויילס.

taf'ia *n.* (טעפ'-אי-א) טאפיא [א מין וועסט־אינדישער ראם געמאכט פון צוקער־ראהר].

tag *n. and v.* (טעג) א שנירעל־שפיץ [א שפיץ אדער שטיקעל מעטאל ביים ענד פון א שנירעל אדער בענדעל]; עפ־עס וואס הענגט נאך; א לעפעל; אן עק; א האר־לאק, א האר־פלאנטער, א וואל־קנויל [ביי שאף]; א יארליק, אן אדרעס־קארטע [אויף געפעק]; א נאכהענגענ־דער, אבגעריסענער טייל פון א קלייד; עטוואס צוגעגעבענעס אדער צוגעטשעפע־טעס; א צוגעגעבענער טייל פון א בוך, א ביי־טייל; די מאראל פון א פאבעל; א צוגעגעבענער דיאלאג אדער מאנאלאג פון א טעאטער־שפיעל, וואס ווערט געברויכט בלויז אום ארויסצורופען אפלאדיסמענ־טען; דער המון, די נידריגסטע פאלקס־קלאסען; א שעפס וואס איז אלט וועני־גער ווי א יאהר; דאס אבשלאגען אדער צעק־שפיעל [אזא קינדער־שפיעל וואס בע־שטעהט אין דעם, וואס איינער לויפט ביז איהם געלינגט אנצוריהרען אדער א קלאפ צו טהאן איינעם פון זיינע מיטשפיעלער, וועלכער פערנעהמט דאן זיין ארט]; א קלאפ טהאן, אנריהרען ביים אבשלאגען אדער צעק־שפיעל; צוגעבען צו שטיפט אדער שטיקעל מעטאל צו ענד [פון א שנור, בענדעל א. ז. וו.]; צוזאמענפעס־טיגען, צוזאמענקניפען, צוזאמענבינדען; צושעפען [הויפטזעכליך עטוואס איברי־געס אדער אונגויטיגעס]; אנהענגען א יארליק אדער אדרעס־קארטע [אויף גע־פעק]; נאכפאלגען; אבשניידען די וואל־פלאנטערס אדער וואל־קנוילען [פון שאף].

tag'-belt *n.* (טעג'-בעלט) ז. *tag-sore*.

tag'-boat *n.* (טעג'-באוט) א רודער־שיי־פעל וואס ווערט געשלעפט פון א דאמפף־שיף אדער זעגעל־שיף.

tag'-end *n.* (טעג'-ענד) אן ענד, א שלוס־טייל; אן אבגעריסענער שלוס [ווי פון א געשפרעך].

We heard only the tag-end of the conversation.

tag'-fast'ener *n.* (טעג'-פעס'-נער) א יארליק־האלטער [א פארריכטונג צו בע־פעסטיגען א יארליק אדער אדרעס־קארטע צו געפעק].

tag'ger *n.* (טעג'-ער) דער וואס פער־

taluk'dar *n.* (טע-לוהק׳-דאר) אין אסט־אינדיען — דער טאלוקדאר [אן ארטיגער בעאמטער פון א בעצירק, וועלכער קלייבט אויף די שטייערען].

ta'lus *n.* (טיי׳-לאס) דאס קנעכעל־גליעד, דער קנעכעל־ביין; דער דאך־אראב אדער דער משופע׳דיגער טייל פון א פעסטונגס־וואנד; שטיקער שטיינער און פעלזען, וואס זיינען אנגעווארפען אין א שפאלט צווישען בערג.

tamabil'ity *n.* (טיי-מע-ביל׳-אי-טי) די צוימבארקייט, דאס לאזען זיך צוימען; דאס זיין געהארכזאם צום מענשען [וועגען חיות].

ta'mable *a.* (טיי׳-מעבל) וואס לאזט זיך צוימען אדער צוגעוועהנען, וואס לאזט זיך מילדערען אדער זענפטיגען [וועגען א ווילדער חיה].

ta'mableness *n.* (טיי׳-מעבל-נעס) די צוימבארקייט, די מעגליכקייט צו ווערען געזענפטיגט אדער געמילדערט [וועגען א ווילדער חיה].

tamal' *n.* (טע-מאל׳) א מעקסיקאנער געריכט פון קוקורוזע מיט פלייש געפעפערט מיט רויטען פעפער.

tama'le *n.* (טע-מא׳-לע) ז. ***tamal***

taman'dua *n.* (טע-מענ'-דיו-א) אַן אמייזען-פרעסער [א חיה וואס עסט מוראשקעס].

tam'anoir *n.* (טעמ'-ע-נואַר) דער גרויסער דרום-אמעריקאנישער אמייזען-פרעסער [א חיה וואס עסט מוראשקעס].

tam'arack *n.* (טעמ'-ע-רעק) דער אמעריקאנער לערכען-בוים [א דינער און אפט זעהר הויכער בוים מיט זעהר א שטארקען האלץ. וואקסט אין די זומפיגע נארד-טיילען פון נארד-אמעריקא].

tam'arick *n.* (טעמ'-ע-ריק) ז. ***tamarisk***

tam'arin *n.* (טעמ'-ע-רין) דער טאמארין [אזא קליינע דרום-אמעריקאנישע אפע].

tam'arind *n.* (טעמ'-ע-רינד) דער טאמארינד [אזא בוים פון די הייסע לענדער]; די סטרוטשקעס אדער שויטען-פרוכט פון דעם טאמארינדען-בוים [ווערט געברויכט אין מעדיצין אלס אן אבפיהר-מיטעל].

Tamarind

tam'arind-fish *n.* (טעמ'-ע-רינד-פיש) אן אינדישעס געריכט פון פיש, וואס איז צוגעריכט מיט דעם זאפט פון דער פרוכט פון טאמארינדען-בוים. ז. ***tamarind***

tam'arisk *n.* (טעמ'-ע-ריסק) די טאמאריסקע [אזא קליין בוימעל אדער בוש מיט פעדער-ארטיגע צווייגלעך. וואקסט אין די ווארימע לענדער און בעזאנדערס ארום די ברעגען פון מיטעללענדישען ים].

tam'bac *n.* (טעמ'-בעק) טאמבאק [א גאלד-פארביגע מישונג פון קופער און צינק]; אלאען-האלץ [דאס האלץ פון אן אלאען-בוים].

tam'bor *n.* (טעמ'-באר) א מין בלאז-פיש [אזא פיש וואס בלאזט זיך אויף].

tam'bour *n. and v.* (טעמ'-בוהר) א קליינע פויק, א פייקעל; א טאמבור, א שטיקעריי-ראהם [א ראהם צו מאכען שטיקעריי-ארבייט]; טאמבוריר-ארבייט, שטיקעריי-ארבייט; אין ארכיטעקטור — אייגער פון די צילינדער-פערמיגע שטיינער, פון וועלכע עס ווערט צוזאמענגעשטעלט א רונדער זייל; די וואנד פון א רונדער געביידע [בעזאנדערס פון א קירך], וואס איז ארומגערינגעלט מיט זיילען; א מין פארהויז צו א געביידע [בעזאנדערס צו א קירך]; אין פעסטונגס-ווערק — א רונדער הילצערנער פארקאן, וואס דיענט אלס שוץ פון דער הויפט פעסטונגס-וואנד; מאכען שטיקעריי-ארבייט אדער האפט-ארבייט מיט א שטיקעריי-ראהם, טאמבורירען; דעקארירען מיט אויסגעשטיקטע אדער אויסגעהאפטע ארבייט.

tam'boura *n.* (טעמ'-בו-רא) די טאמבורא [אן אריענטאלישער מוזיקאלישער אינסטרומענט עהנליך צו א גיטארע אדער מאנדאלין].

tam'bour-frame *n.* (טעמ'-בוהר-פריים) א שטיקעריי-ראהם [א ראהם, אויף וועלכער עס ווערט אנגעצויגען דאס טוך וואס ווערט געשטיקט אדער געהאפט].

tambourine' *n.* (טעמ-בו-רין') א טאמבורין, אזא לייכטעס פייקעל מיט גלעקלעך [ווערט פיעל בענוצט פון שפאנישע טענצערינס]; אזא פראוואנסאלער טאנץ; די מוזיק צו דיזען טאנץ; אזא אפריקאנישע טויב.

tam'bour-nee'dle *n.* (טעמ'-בוהר-ניע'דל) א טאמבור-נאדעל, א האפט-נאדעל, א שטיק-נאדעל.

tam'bour-stitch *n.* (טעמ'-בוהר-סטיטש) א קרייץ-שטאך, אן ארט האפטען, וואו די שטעך געהען געקרייצט.

tam'bour-stitch'er *n.* (טעמ'-בוהר-סטיטש'-ער) איינער וועלכער האפט אדער נעהט אויס אויף א טאמבור אדער שטיקעריי-ראהם.

tam'bour-work *n.* (טעמ'-בוהר-הוואירק) שטיקעריי אדער האפטעריי וואס ווערט געמאכט אויף א טאמבור אדער שטיקעריי-ראהם.

tambreet' *n.* (טעמ-בריעט') דאס שנאבעל-טהיער. ז. ***duckbill***

tam'buret-stitch *n.* (טעמ'-בו-רעט-סטיטש) ז. ***tambour-stitch***

tamburo'ne *n.* (טעמ-בו-ראו'-נע) א גרויסע פויק.

tame *a. and v.* (טיים) געצוימט, ניט ווילד, צוגעוועהנט צום הויז, הויזליך [וועגען טהיערע]; ציוויליזירט, מיט ערציהונג, מיט מאניערען [וועגען מענשען]; פאלגזאם, געהארכזאם, בויגזאם; מאט, טעמפ, שלעפריג, אהן לעבען; געשמאקלאז, ניט אנציהענד, ניט אינטערעסאנט; אהן עפעקט, אהן ווירקונג; צוימען, ברעכען די ווילדקייט; בעצווינגען, מאכען געהארכזאם; בויגען, מאכען אונטערטעניג; מאכען מאט, שוואך, טעמפ.

tameabil'ity *n.* (טיי-מע-ביל'-אי-טי) ז. ***tamability***

ta'meable *a.* (טיי'-מעבל) ז. ***tamable***

tame'less *a.* (טיימ'-לעס) אונגעצוימט; וואס קען ניט געצוימט ווערען, וואס קען ניט געמילדערט ווערען.

tame'lessness *n.* (טיימ'-לעס-נעס) דאס ניט קענען געצוימט ווערען.

tame'ly *adv.* (טיימ'-לי) אונטערווערפיג, נאכגעביג.

tame'ness *n.* (טיימ'-נעס) געצוימטקייט, אונטערווערפיגקייט; שוואכקייט.

ta'mer *n.* (טיי'-מער) א בענדיגער, א צוימער [איינער וואס צוימט אדער ברעכט די ווילדקייט פון חיות].

Tam'il *n.* (טעמ'-איל) די טאמילען, אייגער פון די קולטורעלסטע שבטים, וועלכע בעזיצען דעם דרום-טייל פון אסט-אינדיען; די טאמילישע שפראך [די שפראך, וועלכע בעזיצט די רייכסטע פארצייטיגע אסט-אינדישע ליטעראטור].

tam'in *n.* (טעמ'-אין) טאמין אדער סטאמין [אזא דינעס גלאנציגעס וואלען-צייג].

tam'ine *n.* (טעמ'-אין) ז. ***tamin***

tam'iny *n.* (טעמ'-אי-ני) ז. ***tamin***

tam'is *n.* (טעמ'-איס) אזא צייג געמאכט צו זייערען אדער פילטרירען א פליסיגקייט; א זייערעל אדער פילטער געמאכט פון צייג.

tamise' *n.* (טע-מיז') טאמיז, דינעס וואלען-צייג.

tam'kin *n.* (טעמ'-קין) ז. ***tampion***

Tam'many *n.* (טעמ'-ע-ני) ז. ***Tammany Society***

Tam'many Hall (טעמ'-ע-ני האהל) טעמעני האל, די אפיציעלע ארגאניזאציאן פון דער דעמאקראטישער פארטיי אין ניו יארק. ז. ***Tammany Society***

Tam'many Soci'ety (טעמ'-ע-ני סא-סאי'-ע-טי) די טעמעני-געזעלשאפט [א געזעלשאפט, וועלכע האט זיך אויסגעבילדעט אין ניו יארק אין יאהר 1789 און האט אנגענומען דעם נאמען פון א פריינדליכען פיהרער פון אן אינדישען שבט — טעמעני — וועלכען די קעמפפער פאר פרייהייט אין דער צייט פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן האבען אין שפאס פערהייליגט אלס דעם פאטראן און בעשיצער פון דער נייער אמעריקאנער רעפובליק. די געזעלשאפט האט זיך געגרינדעט מיט די צוועקען פון געגענזייטיגער הילף און אונטערשטיצע, נאר שפעטער האט זי זיך פערוואנדעלט אין א ריין-פאליטישער ארגאניזאציאן פון דער דעמאקראטישער פארטיי]. ז. ***Tammany Hall***

Tam'muz *n.* (טעמ'-אז) דער חדש תמוז; א סירישע גאטהייט, דיזעלבע ווי אדאניס, וועמעס יום-טוב מען פלעגט פייערען ראש חודש תמוז.

tam'my *n.* (טעמ'-אי) ז. ***tamin***

tamp *v.* (טעמפ) פערשטאפען א לאך אין א פעלז נאכדעם ווי מען האט דערין אריינגעטהאן פולווער איהם צו צושיסען; אנשטאפען עפעס.

tam'per *v. and n.* (טעמ'-פער) זיך פארען; האבען צו טהאן; מאכען אונגעזעצליכע ענדערונגען, קאליע מאכען; פעלשען [ווי למשל, א דאקומענט]; מאכען נארישע פראבען; בענוצען געהיימע מיטלען; ווירקען אויף אן אונעהרליכען אופן; אונטערקויפען; איינער וואס פערשטאפט א לאך אין אן אויסגעבויערטען פעלז נאכדעם ווי מען האט אין איהם אריינגעלעגט אויפרייסענדען מאטעריאל; אן אינסטרומענט וואס ווערט בענוצט צום פערשטאפען עפעס.

tam'perer *n.* (טעמ'-פער-ער) איינער וואס ווירקט אויף דעם אנדערען דורך אונעהרליכע מיטלען; איינער וואס בענוצט געהיימע מיטלען; איינער וואס פארעט זיך, האט צו טהאן אדער מישט זיך; איינער וואס מאכט ענדערונגען, מאכט קאליע אדער פעלשט [ווי א דאקומענט].

tam'ping *n.* (טעמ'-פינג) דער שטאף וועלכער דיענט צו פערשטאפען א לאך אין א פעלז נאכדעם ווי מען האט דערין אריינגעטהאן פולווער איהם צו צושיסען; די פערשטאפונג פון אזא לאך אין א פעלז.

tam'ping-bar *n.* (טעמ'-פינג-באר) דער שטאנג מיט וועלכען מען פערשטאפט דאס לאך פון א פעלז נאך דעם ווי עס ווערט דערין אריינגעטהאן פולווער דעם פעלז צו צושיסען.

tam'ping-i'ron *n.* (טעמ'-פינג-אי'-ערן) ז. ***tamping-bar***

tam'pion *n.* (טעמ'-פי-אן) א שטאפקע; די שטאפקע פון א קאנאן.

tam'pon *n. and v.* (טעמ'-פאן) אין כירורגיע — א טאמפאן, שטיקלעך וואטע אדער מארלע מיט וואס מען פערשטאפט אן עפנונג אין קערפער ניט צו דערלאזען א בלוט-שטורץ; מאכען א טאמפאן; פערשטאפען א וואונד אדער קערפער-עפנונג.

tamponade' *n.* (טעמ-פא-נייד') ז. ***tamponage***

tam'ponage *n.* (טעמ'-פאנ-ערזש) אין כירורגיע — דאס פערשטאפען אן עפנונג פון קערפער מיט א טאמפאן. ז. ***tampon***

Tam'ul *n.* (טעמ'-אל) ז. ***Tamil***

tan *v., n. and a.* (טען) גארבען [פעל]; ברוינען, מאכען ברוין; אין דער פאבריקאציאן פון קינסטליכען מארמאר — מאכען דעם שטאף [זשעלאטין און גומי] הארט, עס זאל ניט פאנאנדערגעלאזען ווערען אין וואסער; ווערען געגארבט [ווי

לעדער]; בעקומען א ברוינעם קאליר; שטויסען [ווי מען שטויסט קארע פאר גארבעריי], קלאפען, שלאגען; גארבער=קארע [קארע פון א בוים וואס ווערט בענוצט אין גארבעריי]; א ברוינער קאליר; דער קאליר פון דער הויט וואס איז אבגעברענט אויף דער זון; פון א ברוינעם קאליר; געלב=ברוין.

tan'ager *n.* (טענ'-ע-דזשער) די טאנאגרא [א מין אמעריקאנישער פויגעל פון א העל=רויטען אדער גרינליך=געלבען קאליר].

tan'-balls *n.* (טענ'-באהלז) אויסגעניצטע קארע, מיט וועלכער מען האט געגארבט פעל, וואס ווערט אויסגעטריקענט אין צוזאמענגעדריקטע שטיקער און ווערט געברויכט צום הייצען.

tan'-bark *n.* (טענ'-בארק) גארבער=קארע [קארע וואס ווערט בענוצט צו גארבען פעל].

tan'-bath *n.* (טענ'-בעטה) א וואנע פון וואסער מיט דער עסענץ פון גארבער=קארע.

tan'-bed *n.* (טענ'-בעד) ז. ***bark-bed***.

tan'dem *adv. and n.* (טענ'-דעם) געשפאנט נא=שפיץ, געשפאנט איינס פארויס פאר'ן אנדערען [וועגען פערד אין א קארעט]; א קארעט מיט פערד איינגעשפאנט נא=שפיץ; א וועלאסיפעד פאר צוויי מענשען, וואו איינער זיצט הינטער דעם אנדערען.

tan'dem en'gine (טענ'-דעם ענ'-דזשין) א טאנדעם=מאשין [א דאמפף=מאשין מיט צוויי צילינדערס איינער הינטער דעם אנדערען].

tan'-extrac'tor *n.* (טענ'-עקס-טרעק'-טאר) א מאשין צו שטויסען קארע און אויספרעסען טאנין. ז. ***tannic acid***.

tang *n. and v.* (טענג) א צינגעל=פערמיגע ארויסשטארצונג פון עפעס; א צינגעל=פערמיגער און שפיציגער טייל פון א זאך [ווי דאס צינגעל פון א ספראנזשקע]; אן אונגעוועהנליכער שלעכטער גערוך פון עפעס; אן אונאנגענעהמער כאראקטער=שטריך; א מין ים=גראז; א שארפער, גרילצענדער קול; ארויסלאזען אדער מאכען ארויסצולאזען א שארפען, גרילצענדען קול אדער קלאנג; קלינגען; שמועצערען; מאכען עפעס מיט אן ארויסגעשטארצטען צינגעל.

tan'galung *n.* (טענ'-גע-לאנג) דער טאנגאלונג, די ציבעט=קאץ פון סומאטרא. ז. ***civet-cat***.

tan'gence *n.* (טענ'-דזשענס) ז. ***tangency***.

tan'gency *n.* (טענ'-דזשענ-סי) די בעריהרונג.

tan'gent *n. and a.* (טענ'-דזשענט) אין געאמעטריע — די בעריהרונגס=ליניע [א גלייכע ליניע וועלכע קומט אין א געוויסען פונקט אין בעריהרונג מיט א געדרעהטער אדער קרומער ליניע]; אין טריגאנאמעטריע — די טאנגענטע, א געוויסע פונקציאן [ז. ***function***] פון א ווינקעל אין א רעכט=ווינקעלדיגען דריי=עק. דיעזע פונקציאן דריקט זיך אויס אין דער פערהעלטנים פון דער לענג פון דער ווערטיקאלער זייט פון דיעזען דריי=עק צו דער לענג פון זיין האריזאנטאלער זייט [אין דער אנגענעבענער צייכנונג איז די טאנגענטע — די פונקציאן פון ווינקעל *a*, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער פערהעלטניס פון דער ליניע ***AB*** צו דער ליניע ***CB***]; וואס בעריהרט אין איין פונקט [ווי א בעריהרונגס=ליניע].



Tangent

tan'gental *a.* (טענ'-דזשענ-טעל) ז. ***tangential***.

tangen'tial *a.* (טענ-דזשענ'-שעל) וואס איז שייך צו א טאנגענטע אדער בעריהרונגס=ליניע. ז. ***tangent***.

tangential'ity *n.* (טענ-דזשענ-שי-על'-אי-טי) דאס האבען דעם כאראקטער אדער די איינגענשאפטען פון א טאנגענטע. ז. ***tangent***.

tangen'tially *adv.* (טענ-דזשענ'-שעל-אי) אין דער ריכטונג פון א טאנגענטע אדער בעריהרונגס=ליניע. ז. ***tangent***.

tan'gent plane (טענ'-דזשענט פליין) א פלעכע, וועלכע האט איין בעריהרונגס=פונקט מיט א געבויגענער אויבערפלעכע, ווי מיט א קוגעל, א צילינדער א. ד. ג.

Tangerine' *a. and n.* (טענ-דזשע-ריען') וואס איז שייך צו טאנזשער [א וויכטיגער פארט פון מאראקא ביי דער ים=שטראסע גיבראלטאר]; אן איינוואהנער פון טאנזשער.

tang'fish *n.* (טענג'-פיש) א ים=הונד. ז. ***seal***.

tan'ghin *n.* (טענ'-גין) דער טאנגין [א שטארקער גיפט וואס ווערט ארויסגעצויגען פון דער פרוכט פון א געוויסען מאדאגאסקארער בוים]; דער בוים, פון וועלכען מען בעקומט דעם טאנגין=גיפט.

tangib'ile *n.* (טענ-דזשיב'-אי-לי) א זאך וואס מען קען אנטאפען אדער וואהרנעהמען דורך'ן חוש המשוש.

tangibil'ity *n.* (טענ-דזשי-ביל'-אי-טי) די בעריהרבארקייט, די פיהלבארקייט, די מעגליכקייט אנצוטאפען מיט דער האנד; ממשות'דיגקייט.

tan'gible *a.* (טענ'-דזשיבל) בעריהרבאר, פיהלבאר, וואס קען אנגעטאפט ווערען; דייטליך, ממשות'דיג.

tan'gibleness *n.* (טענ'-דזשיבל-נעס) ז. ***tangibility***.

tan'gibly *adv.* (טענ'-דזשי-בלי) אויף א בעריהרבארען אדער פיהלבארען שטייגער; אויף אן אופן וואס מען קען אנטאפען מיט די הענד.

tan'gle *v. and n.* (טענגל) פערוויקלען, פערפלאנטערען, פערקניפלען; אריינציהען אין א פלאנטער, פערכאפען אין א נעץ; זיין פערפלאנטערט; א פלאנטער; א פערלעגענהייט; א מין ים=גראז.

tan'gled *a.* (טענגלד) פערוויקעלט, פערפלאנטערט.

tan'gle-fish *n.* (טענ'גל-פיש) דער נאדעל=פיש אדער ים=נאדעל. ז. ***pipe-fish***.

tan'glefoot *n.* (טענ'גל-פוט) שנאפס, בראנפען.

tan'glement *n.* (טענ'גל-מענט) די פערוויקלונג, די פערפלאנטערונג.

tan'glesome *a.* (טענ'גל-סאם) פערוויקעלט, פערפלאנטערט.

tan'glingly *adv.* (טענ'-גלינג-לי) אויף א פערוויקעלטען, פערפלאנטערטען שטייגער.

tan'gly *a.* (טענ'-גלי) פערוויקעלט, פערפלאנטערט; בעדעקט מיט ים=גראז.

tan'go *n. and v.* (טענ'-גאו) טאנגא [אזא טאנץ]; טאנצען א טאנגא.

tan'gram *n.* (טענ'-גרעם) א קאפ=ברעכערישע פראבלעם, וואס בעשטעהט פון א קוואדראטען ברעטעל, וואס איז צושניטען אויף זיעבען פערשיעדענארטיגע שטיקלעך. פון דיעזע שטיקלעך דארף מען צוזאמענשטעלען א קוואדראט אדער אנדערע פיגורען.

tan'gum *n.* (טענ'-גאם) דער טאנגום, א מין ווילדעס פערד פון טיבעט און אנדערע טיילען פון אזיען.

tang'y *a.* (טענג'-אי) וואס האט בעקומען אן אונאנגענעהמען גערוך, קלאנג אדער טעם.

tan'-house *n.* (טענ'-האוס) א געביידע וואו מען האלט קארע פאר גארבעריי.

tan'ist *n.* (טענ'-איסט) דער גרונד=אייגענטימער, דער גוטס=בעזיצער, דער פעאדאל [ביי געוויסע פארצייטיגע קעלטישע ראסען]. ז. ***tanistry***.

tan'istry *n.* (טענ'-איס-טרי) א פארם פון גוטס=בעזיץ ביי געוויסע פארצייטיגע קעלטישע ראסען, וואו דאס לאנד מיט די טימולען האבען בעלאנגט צו א געוויסען הערר נור פאר דער צייט פון זיין לעבען, און נאך זיין טויט פלעגט דאס אריבער צו אן אנדערען, וועמען מען פלעגט ערוועהלען.

tan'jib *n.* (טענ'-דזשיב) אן ארט אסט=אינדישער מוסלין [אזא דינעם צייג].

tank *n. and v.* (טענק) א וואסער=ציסטערנע, א וואסער=בעהאלטער, א רעזערוואואר; א צעבער; א בעקען; גיסען וואסער אין צעבער; אבטוקען אדער באדען אין א צעבער וואסער.


Tank

Tan'ka *n.* (טענ'-קא) די טאנקאס, א טייל פון דער בעפעלקערונג פון דרום=כינא, וועלכע לעבען אין שיפען אויף'ן וואסער, ווייל זיי איז ניט געווען ערלויבט צו בעזעצען זיך אויף דער יבשה.

tan'ka-boat *n.* (טענ'-קא-באוט) א מין שיף, אין וועלכער די טאנקאס וואהנען. ז. ***Tanka***.

tank'age *n.* (טענק'-עדזש) דאס אריינגיסען אדער דאס האלטען א פליסיגקייט אין א בעקען אדער צעבער; דער פרייז פאר האלטען א פליסיגקייט אין א באסיין אדער צעבער; דאס וואס א בעקען אדער צעבער קען איינהאלטען; דער אבזאץ פון פעטס.

tan'kard *n.* (טענ'-קארד) א קרוג מיט א דעקעל, א טרינק=קאן.

tank'-car *n.* (טענק'-קאר) א ציסטערנע=וואגאן [אזא וואגאן מיט א ציסטערנע צו פיהרען נאפט אדער אויל].

tank'-en'gine *n.* (טענק'-ענ'-דזשין) א טענדער=לאקאמאטיוו [א לאקאמאטיוו וואס פיהרט אליין זיין וואסער און קויהלען און דארף ניט האבען קיין ספעציעלען וואגאן פאר דעם].

Tan'kia *n.* (טענ'-קיא) ז. ***Tanka***.

tan'kia-boat *n.* (טענ'-קיא-באוט) ז. ***tanka-boat***.

tank'-i'ron *n.* (טענק'-אי'-ערן) אזא דיקעס בלעך.

tank'-lo'comotive *n.* (טענק'-לאו'-קא-מאו-טיוו) ז. ***tank-engine***.

tank'-ves'sel *n.* (טענק'-וועס'-על) א שיף מיט א ציסטערנע צו פיהרען פליסיגקייטען.

tan'ling *n.* (טענ'-לינג) א מענש וואס איז פערברענט פון דער זון.

tan'-mill *n.* (טענ'-מיל) א מאשין צו האקען קארע פאר גארבעריי.

tan'nage *n.* (טענ'-עדזש) דאס גארבען;

דער פראצעס פון פערהארטעווען די שטאפען, פון וועלכע מען פראדוצירט נאכגעמאכטען מארמאר; דאס ברוין ווערען [פון דער הויט]; דאס אבגעברענט ווערען פון דער זון.

tan'nate *n.* (טענ'–אייט) דאס גארב=זויערע זאלץ [א כעמישער שטאף צו גארבען פעל].

tan'ner *n.* (טענ'–ער) א גארבער; א סיקספענס [אן ענגלישע מטבע פון זעקס פענים].

tan'nery *n.* (טענ'–ער–אי) א גארבערײ; דאס גארבען.

tan'nic *a.* (טענ'–איק) וואס איז שייך צו גארבער=קארע; וואס בעקומט זיך פון גארבער=קארע [די קארע פון א בוים, וואס ווערט בענוצט אין גארבערײ].

tan'nic ac'id (טענ'–איק עס'–איד) גארב=שטאף, גארב=זויערע, טאנין [אזא שטארקער כעמישער שטאף, ווערט געברויכט אין פארבונג, גארבונג און אין מעדיצין].

tannif'erous *a.* (טע–ניפ'–ע–ראס) וואס ענטהאלט אדער וואס גיט ארויס גארב=זויערע אדער טאנין. ז. *tannic acid*

tan'nikin *n.* (טענ'–אי–קין) א מיידעל; א יונגע פרוי.

tan'nin *n.* (טענ'–אין) דער טאנין, דער גארב=שטאף. ז. *tannic acid*

tan'ning *n.* (טענ'–אינג) דאס גארבען; א ברוינער קאליר פון דער הויט [פון אבגעברענט ווערען אויף דער זון]; דאס פערהארטעווען די שטאפען, פון וועלכע מען מאכט נאכגעמאכטען מארמאר; דאס שמייסען.

tan'-ooze *n.* (טענ'–אוהז) דאס וואסער, וואס האט זיך אנגעצויגען פון גארבער=קארע, וועלכע האט זיך געווייקט אין איהם.

tan'-pick'le *n.* (טענ'–פיק'ל) ז. *tan-ooze*

tan'-pit *n.* (טענ'–פיט) א גארבער=גרוב [א גרוב אין וועלכען עס ווערט אריינגעלעגט פעל צום גארבען].

tan'-stove *n.* (טענ'–סטאווו) א טרייב=הויז, אן אראנזשעריי מיט בייטען אויסגעבעט מיט גארבער=קארע צו לאזען וואקסען פלאנצען אום ווינטער.

tan'sy *n.* (טענ'–זי) ווערים=קרויט [א מין ביטער=קרויט מיט געלע בליטהען].

Tansy

tantal'ic *a.* (טענ–טעל'–איק) וואס איז שייך צו טאנטאלום [אזא מינעראל]. ז. *tantalum*

tan'talism *n.* (טענ'–טע–ליזם) טאנטאליזם, טאנטאל'ס יסורים, די יסורים פון צוקומען נאהענט צו א שטארק=געווינשטען, אבער אונדערגרייכבארען פערלאנג. ז. *tantalization*

tan'talite *n.* (טענ'–טע–לאיט) דער טאנטאליט [א זעלטענער זעהר שווערער מעטאל].

tanta'lium *n.* (טענ–טיי'–לי–אם) ז. *tantalum*

tantaliza'tion *n.* (טענ–טע–לי–זיי'–שאן) דאס ליידען אדער דאס מאכען לייַדען טאנטאל'ס יסורים, די יסורים פון זיין נאהענט נעבען א געווינשטען ציעל, אבער קיינמאל ניט דערגרייכען איהם [די לעגענדען פון דער גריכישער מיטאלאגיע דערצעהלען, אז איינער טאנטאל האט אמאל ארויסגעגעבען די סודות פון די געטער, און דערפאר האבען די געטער איהם בעשטראפט דערמיט, וואס מען האט איהם אריינגעזעצט אין א טייך פון קלארען פרישען וואסער, וואס איז איהם דערגאנגען ביז'ן מויל. איבער זיין קאפ זיינען ארABגעהאנגען זעהר גוטע און געשמאקע פרוכטען. נאר ווען טאנטאל פלעגט עפענען דאס מויל צו כאפען א פרוכט אדער א זופ צו טהאן וואסער, פלעגען די פרוכטען פון אויבען און דאס וואסער פון אונטען אבשפרינגען צוריק און אויף אזא אופן האט ער קיינמאל ניט געקענט שטילען זיין שרעקליכען הונגער און דורשט].

tan'talize *v.* (טענ'–טע–לאיז) מאכען ליידען טאנטאל'ס יסורים, צופיהרען נאהענט צו א געווינשטען ציעל, אבער ניט דערלאזען צו דערגרייכען איהם. ז. *tantalization*

tan'talizer *n.* (טענ'–טע–לאי–זער) איינער אדער עפעס וואס מאכט פיהלען טאנטאל'ס יסורים. ז. *tantalization*

tan'talizingly *adv.* (טענ'–טע–לאי–זינג–לי) מאכענדיג פיהלען טאנטאל'ס יסורים. ז. *tantalization*

tan'talum *n* (טענ'–טע–לאם) טאנטאלום, זעהר א זעלטענער מעטאל, וואס געפינט זיך אין די זעלטענע מינעראלען טאנטאליט און קאלומביט.

Tan'talus cup (טענ'–טע–לאס קאפ) אזא שפיעלצייג, וואס בעשטעהט פון א שיסעלע מיט א פיגור פון א מענשעלע אינווענינג. אין דעם מענשעלע איז פערבארגען א מין סיפאן, וועלכער נעהמט אין זיך איין וואסער. ווען מען גיסט אין שיסעלע וואסער, דערגעהט דאס וואסער אימער ניט העכער ווי ביז'ן מויל פון דעם מענשעלע.

tan'tamount *a.* (טענ'–טע–מאונט) עקוויוואלענט, גלייך, דאס זעלבינע ווי...

tantar'a *n.* (טענ–טער'–א) דאס שאלען פון א טרומייט.

tantiv'y *a., adv., n. and v.* (טענ–טיוו'–אי) זעהר שנעל; איילענדיג; מיט שנעלקייט, מיט געשווינדקייט; א שנעלע בעוועגונג, א האסטיגע לויפעריי, א גאלאפ; א יעגער=אויסגעשריי צו לויפען געשווינד; איילען, האסטיג לויפען.

tan'to *adv.* (טענ'–טא) אין מוזיק — טאנטא, צו פיעל, צו האסטיג.

tan'tra *n.* (טענ'–טרא) די טאנטרא, א טייל פון די סאנסקריטישע רעליגיעזע שריפטען וואס איז פול מיט מיסטישע און מאגישע פארשריפטען.

tan'trem *n.* (טענ'–טרעם) ז. *tantrum*

tan'trism *n.* (טענ'·טריזם) טאנטריזם, די לעהרען אדער די פארשריפטען פון דער טאנטרא. ז. *tantra*

tan'trum *n.* (טענ'–טראם) א שלעכטע, אויפגערעגטע שטימונג; אויפרעגונג, צארן.

tan'-turf *n.* (טענ'–טוירף) ז. *tan-balls*

tan'-vat *n.* (טענ'–וועט) א גרויס פאס וואו מען ווייקט פעל צום גארבען.

tan'zib *n.* (טענ'–זיב) ז. *tanjib*

tan'zimat *n.* (טענ'–זי–מעט) דער טאנזימאט [די קאנסטיטוציאן פון טערקישען סולטאן אבדול מעדזשיד, וועלכע ער האט ארויסגעגעבען אין יאהר 1839].

Ta'oism *n.* (טא'–א–איזם) טאאאיזם, איינע פון די דריי רעליגיאנען, וואס הערשען אין כינא [טאאאיזם איז געגרינדעט פון דעם כינעזישען פילאזאף לאא=טזע, וועלכער האט געלעבט אין איין צייט מיט קאנפוציוס. לאא=טזע האט געלערענט, אז די גאנצע וועלט ווערט בעהערשט פון דער העכסטער פערנונפט "טאא", און דער ציעל פון מענשליכען לעבען בעשטעהט אין דער שטרעבונג צו "טאא"].

Ta'oist *n.* (טא'–א–איסט) א טאאאיסט, אן אנהענגער פון טאאאיזם. ז. *Taoism*

ta'o-tai' *n.* (טא'–א–טאי') א כינעזישער גובערנאטאר.

tap *n. and v.* (טעפ) א הילצערנער צאפען אדער קראן פון א פאס; שנאפס אדער ליקער וואס ווערט ארויסגעלאזען פון פאס דורך'ן צאפען; אן אינסטרומענט אויסצושניידען דעם גווינט פון א שרויף=מוטער [מוטערקע]; א לייכטער קלאפ [ווי מיט די פינגער אדער מיט א קליינער זאך]; אין מיליטער — א סיגנאל דורך דער פויק אדער טרומייט, ביי וועלכען אלע לאמפען אין די קאזארמעס אדער פאלאטקעס דארפען אויסגעלאשען ווערען; א שטיקעל לעדער וואס ווערט ארויפגעשלאגען אויף דער זויל פון א שוך ביים פערריכטען איהם; א שענק, וואו מען פערקויפט שנאפס פון פאס; די אייזען=אש וואס בעקומט זיך פון גליהען אייזען; ארויסלאזען ליקער פון א פאס דורך'ן צאפען; דורכלעכערען א פאס, כדי ארויסצולאזען דעם ליקער; מאכען אן איינשניט אין א בוים, כדי ארויסצולאזען דעם זאפט; אריינשניידען, אריינדרינגען; אבצאפען, אנצאפען; לייכט אנקלאפען [ווי מיט די פינגער]; פיקען מיט'ן שנאבעל.

ta'pa *n.* (טא'–פא) א מין צייג פון קארע, וואס ווערט פיעל געברויכט ביי די איינוואהנער פון די אינזלען פון פאסיפישען אקעאן.

tapade'ra *n.* (טעפ–ע–דיי'–רא) אזא הארטער לעדער וואס בעדעקט דעם שטייגבינעל פון א זאטעל [ז. *stirrup*] און דערלאזט ניט דעם פוס ארויסצורוקען זיך פארווערטס.

tap'-bar *n.* (טעפ'–באר) ז. *tap-hole*

tap'-bor'er *n.* (טעפ'–באור'–ער) אן עגבער אויסצובויערען א צאפען=לאך.



Tap-borer

tap'-cin'der *n.* (טעפ'–סינ'–דער) אייזען=אש, וואס בעקומט זיך פון גליהען אייזען.

tape *n. and v.* (טייפ) א טאשמע, א לענטע, א שמאלער באנד; אין טעלעגראפיע — א שמאלער שטרייף פאפיער, אויף

וועלכען עס דרוקען זיך אב די טעלעגראפישע צייכענס; א באנד=מאס [א מאס, ווי א מעטער אדער יארד, וואס בעשטעהט פון א לאנגען, שמאלען באנד מיט שטריכען און ציפערען, וועלכע בעצייכנען די סאנטימעטערען אדער צאלען]; א לאנגע מעטאלענע לענטע; דער באנד=ווארים [ז. *tapeworm*]; שטארקע משקה, שנאפס; אננעהען טאשמעס; פערבינדען מיט א טאשמע; אויסציהען ווי א באנד.

tape'-line *n.* (טייפ'-לאין) א באנד=מאס [א לענג=מאס פון א שמאלען באנד, וואס דרעהט זיך אן אויף א ראלע].

tape'-meas'ure *n.* (טייפ'-מעזש'-אור) א באנד=מאס [ווי ביי שניידער].

ta'per *n., a. and v.* (טיי'-פער) די שטופענווייזע פערקלענערונג פון דער דיק אדער פון דיאמעטער [ווי ביי א קאנוס]; א ליכט וואס ענדיגט זיך עטוואס שפיציג [ווי געצויגענע חלב=ליכט]; א דין ליכטעל; שפיציגליך, פיראמידיש, קאניש [וואס ווערט ביסלעכווייז אלץ קלענער אין דיאמעטער]; פערקלענערט, פערמינדערט; ווערען ביסלעכווייז קלענער אין דיאמעטער, זיך ביסלעכווייז ענדיגען מיט א שפיץ, ווערען קאניש אדער פיראמידיש; זיך פערקלענערען, זיך פערמינדערען; מאכען שטופענווייז שפיציגליך, פערקלענערען ביסלעכווייז דעם דיאמעטער [ווי ביי א קאנוס].

ta'pering *a.* (טיי'-פער-אינג) וואס דער דיאמעטער ווערט ביסלעכווייז קלענער [ווי ביי א קאנוס], וואס ווערט אלץ דינער צום ענד.

ta'peringly *adv.* (טיי'-פער-אינג-לי) ווערענדיג אלץ דינער צום ענד [ווי א קאנוס].

ta'perness *n.* (טיי'-פער-נעס) קאנוסארטיגקייט. ז. *taper*.

ta'per off (טיי'-פער אף) ווערען אלץ דינער און דינער; ביסלעכווייז אויפהערען.

ta'per-poin'ted *a.* (טיי'-פער-פאינ'-טעד) שפיציג, פערשפיצט [ווענען פלאנצען און פלאנצען=טיילען].

ta'per-stand *n.* (טיי'-פער-סטענד) אזא לייכטער, אויף וועלכען די ליכט ווערען ארויפגעשטאכען.

ta'perwise *adv.* (טיי'-פער-הוואיז) ז. *taperingly*.

tap'estried *a.* (טעפ'-עס-טריד) געוועבט אדער געהאפט אין דער פארם פון טעפיך=טאפעטען. ז. *tapestry*.

tap'estry *n. and v.* (טעפ'-עס-טרי) טעפיך=טאפעטען [אזא צייג מיט אויסגענעהטע אוזארען, מיט וועלכע מען בעהענגט די וועגד פון א זאל אדער מען בעשלאגט טייערע מעבעל]; בעציערען מיט טעפיך=טאפעטען.

tap'estry car'pet (טעפ'-עס-טרי קאר'-פעט) אן ארט טעפיך אדער קאוויאר, אויף וועלכען די אוזארען זיינען ניט געוועבט נאר אויסגעהאפט.

tap'estry-pain'ting *n.* (טעפ'-עס-טרי-פיינ'-טינג) געדרוקטע וועב=שטאף אלס נאכאהמונג פון טעפיך=טאפעטען. ז. *tapestry*.

tap'eti *n.* (טעפ'-ע-טי) דער בראזיליאנער האז [א קליינער האז פון דרום=אמעריקא, וואס איז עהנליך צום צפון=אמעריקאנישען קראליק].

tape'-work *n.* (טייפ'-הוואירק) ארנאמענטען געמאכט פון געפלאכטענע טאשמעס.

tape'worm *n.* (טייפ'-הווארים) דער באנד=ווארים אדער סאליטער, א לאנגער פאראזיטישער ווארים, וואס געפינט זיך אפט אין די געדערים ביי מענשען און טהיערע [די איל. בעווייזט דעם קאפ און א טייל פון א סאליטער ווי מען זעהט איהם דורך א פערגרעסערונגס=גלאז].



Tapeworm

tap'-hole *n.* (טעפ'-האול) אן אבפלוס=לאך, דאס לאך אין א שמעלץ=אויווען ארויסצולאזען צושמאלצענעם מעטאל, איבערגעברענטע מעטאל=אש א. ד. ג.

tap'-house *n.* (טעפ'-האוס) א שענק.

tapio'ca *n.* (טעפ-אי-או'-קא) טאפיאקא [אזא מעהל=שפייז אין דער פארם פון רונדע גרויסע גריץ וואס בעקומט זיך פון די ווארצלען פון דער מאניאקא אדער קאסאווא=פלאנצע].

ta'pir *n.* (טיי'-פיר) דער טאפיר [א מין זויג=טהיער מיט קורצע דיקע פיס און מיט א קורצען ווייכען שנויץ].



Tapir

tap'iroid *a. and n.* (טעפ'-אי-ראיד) וואס איז שייך צו די טאפירען; א טאפיר=עהנליכעס זויג=טהיער. ז. *tapir*.

tap'is *n.* (טעפ'-איס) וואלענע צייג וואס ווערט בענוצט פאר טאפעטען און טעפיכען; דאס טישטוך אויף א טיש ביי אן אפיציעלער זיצונג.

tap'lash *n.* (טעפ'-לעש) אויסגעוועפטעס ביער אדער ליקער וואס טריפט ארוים פון צאפען פון פאס.

tap'net *n.* (טעפ'-נעט) אזא קארב, אין וועלכען פייגען ווערען געפאקט צום עקספארטירען.

tapote'ment *n.* (טע-פאט'-מענט) אין מעדיצין — דאס קלאפען אדער אויסקלאפען דעם קערפער [ביים מאכען מאסאזש].

tap'per *n.* (טעפ'-ער) איינער אדער עפעס וואס קלאפט לייכט; א האלץ=פיקער [אזא פויגעל]; א טעלעגראף=שליסעל, וואס קלאפט אוים די טעלעגראף=צייכענס.

tap'ping *n.* (טעפ'-אינג) דער שטאך, דאס דורכשטעכען [די דורכשטעכונג פון א לאך אין א פאס, אין א רעהר א. ד. ג. ארויסצולאזען וואסער אדער אנדערע פליסיגקייטען]; אין כירורגיע — דאס ארויסלאזען אנגעקליבענע פליסיגקייט פון קערפער; דאס לייכט אנקלאפען; א לייכטע אדער זאנפטע קלאפעריי; אין מעטאל=גיסעריי — דאס לייכט פאנאנדערשאקלען דעם מאדעל אום ארויסצונעהמען איהם פון דעם זאמד, אין וועלכען מען גיסט דאס צושמאלצענע מעטאל.

tap'-plate *n.* (טעפ'-פלייט) א שטאהל=פלאטע מיט לעכלעך, אין וועלכע עס ווערען אויסגעשניטען די גווינטען פון א שרויף.

tap'-room *n.* (טעפ'-רוהם) א טרינק=שטוב, א שענק.

tap'-root *n.* (טעפ'-רוהט) דער הויפט ווארצעל פון א פלאנצע.

tap'ster *n.* (טעפ'-סטער) א יונג אדער א קעלנער אין א שענק.

tapu' *n., a. and v.* (טע-פוה') ז. *taboo*.

tap'-wai'ter *n.* (טעפ'-הוויי'-טער) דער קעלנער פון א שנעק.

ta'qua-nut *n.* (טע'-קהווא-נאט) ז. *ivory-nut*.

tar *n. and v.* (טאר) טער, סמאלע, דזשעגאכץ, פעך; שיף=דזשעגאכץ; א מאטראז; אויספעכען; בעשמירען מיט דזשעגאכץ.

tar and feath'er (טאר ענד פעטה'-ער) בעגיסען איינעם מיט הייסע פעך, טער אדער דזשעגאכץ און בעקלעפען איהם מיט פעדערען [א פארצייטיגע שטראף].

taran'dus *n.* (טע-רענ'-דאס) דאס רענטהיער. ז. *reindeer*.

tarantass' *n.* (טער-ען-טעס') א טאראנטאס [אזא רוסישע קארעט].

tarantel'la *n.* (טער-ען-טעל'-א) די טאראנטעלא [אזא נעאפאליטאנישער טאנץ מיט לייכטע און שנעלע בעוועגונגען].

tarantelle' *n.* (טער-ען-טעל') ז. *tarantella*.

tar'antism *n.* (טער'-ען-טיזם) דער טאראנטיזם, די טאנץ=מאניע [אזא משוגעת].

tarantis'mus *n.* (טער-ען-טיס'-מאס) ז. *tarantism*.

taran'tula *a.* (טע-רענ'-טשו-לא) די טאראנטולא, א מין גיפטיגע שפין וואס לעבט צווישען שטיינער, אין לעכער און שפאלטען [די טאראנטולא מאכט ניט קיין שפינוועב].

Tarantula

taran'tular *a.* (טע-רענ'-טשו-לאר) וואס איז שייך צו א טאראנטולא. ז. *tarantula*.

taran'tulated *a.* (טע-רענ'-טשו-ליי-טעד) געביסען פון א טאראנטולא [ז. *tarantula*]; וואס ליידעט פון טאראנטיזם [ז. *tarantism*].

tar'apatch *n.* (טער'-ע-פעטש) אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט סטרונעס, וואס ווערט געברויכט אויף די סאנדוויטש=אינזלען.

tarax'acin *n.* (טע-רעק'-סע-סין) טאראקסאסין, אזא ביטערער שטאף וואס ווערט ארויסגעצויגען פון דער פוטער=בלום [ז. *dandelion*].

tarax'is *n.* (טע-רעק'-סיס) א לייכטע ענטצינדונג פון דעם אויג.

tarboosh' *n.* (טאר-בוהש') דער טארבוש, די טערקישע פעסקע [א מין רויטע יארמולקע מיט א שווארצען פראנזש פון מיטען. ווערט געטראגען כמעט פון אלע מוסולמאנישע פעלקער].

tar'-box *n.* (טאר'-באקס) אזא קעסטעלע מיט דזשעגאכץ אדער טער וואס פאסטוכער טראגען צו בעשמירען די וואונדען און געשווירען פון שעפסען.

tar'-brush *n.* (טאר'-בראש) א טער=בערשטעל אדער דזשעגאכץ=פענזיל.

tardan'do *a.* (טאר-דענ'-דא) ז. *ritardando*.

tarda'tion *n.* (טאר-דיי'-שאן) די פערשפעטיגונג, די פערציהונג.

Tardig'rada *n.* (טאר-דיג'-ריי-דא) אן אבטיילונג פון די אהן=צייהניגע זויג=טהיע=

רע, צו וועלכע עם געהערט אויף דאס פויל⸗טהיער.

tar'digrade *a. and n.* (טאר'-די-גרייד) פון די לאנגזאם⸗געהענדע [וועגען געוויסע מינים זוויג⸗טהיערע]; א לאנגזאם⸗געהענדעם זוויג⸗טהיער.

tar'dily *adv.* (טאר'-די-לי) אויף א לאנגזאמען, פערשפעטיגענדען שטייגער; מיט ווידערווילען, אונוויליג; צו שפעט.

tar'diness *n.* (טאר'-די-נעס) לאנגזאמקייט; פערשפעטיגונג; ווידערווילען, ניט⸗גערנקייט, פוילקייט.

tar'do *a.* (טאר'-דא) אין מוזיק — לאנגזאם.

tar'do *n.* (טאר'-דאו) א פויל⸗טהיער. ז. *sloth*

tar'dy *a.* (טאר'-די) לאנגזאם, פויל; שפעט; אונוויליג.

tar'dy-gai'ted *a.* (טאר'-די-גיי'-טעד) וואס געהט לאנגזאם; וואס ריהרט זיך שווער; אונגעלומפערט.

tar'dy-ri'sing *a.* (טאר'-די-ראי'-זינג) וואס וואקסט לאנגזאם.

tare *n. and v.* (טעהר) — אין קאמערץ די טארא, דאס געוויכט פון דער פערפאקונג פון א סחורה [ווי דער קאסטען, די ראגאזשע, דאס פאפיער א. ד. ג.] אהן דער סחורה גופא; אין כעמיע — א פוסטע כלי, וואס איז ענהליך צו דער כלי, אין וועלכער עס קומט פאר א כעמישער פראצעס, און דיענט צו פערבייטען איהר, ווען עס קומט פאר אן ענדערונג אין איהר געוויכט; אין באטאניק — די פוטער⸗וויקע [א מין לינזען⸗גראז מיט בלויליכע בליהונגען]; אראברעכנען דאס טארא⸗געוויכט [דאס געוויכט פון דער פערפאקונג].

tarentel'la *n.* (טער-ען-טעל'-א) ז. *tarantella*

tar'entism *n.* (טער'-ען-טיזם) ז. *tarantism*

taren'tula *n.* (טע-רען'-טשו-לא) ז. *tarantula*

targe *n. and v.* (טארדזש) א שילד, א האנד⸗פאנציר; האלטען אונטער א שטרענגער דיסציפלין; שטרענג עקזאמענירען, שטרענג אויספרעגען; אויסזידלען, אנשרייען.

targe'man *n.* (טארדזש'-מען) איינער וואס טראגט א שילד אדער האנד⸗פאנציר.

tar'get *n.* (טאר'-געט) א שיס⸗ציעל, א שיס⸗ברעט; א ציעל⸗ברעט; עפעס, צו וואס א ציעל איז געריכטעט; אויף אן אייזענבאהן — די ראהם אדער דער האלטער פון א סיגנאל⸗צייכען; א שילד.

tar'geted *a.* (טאר'-געט-עד) בעוואפענט מיט א שילד; געפאנצערט.

targeteer' *n.* (טאר-גע-טיער') א שילד⸗טרעגער; א לייכט בעוואפענטער גריכישער אדער רוימישער סאלדאט.

tar'get-fir'ing *n.* (טאר'-געט-פאיר'-אינג) דאס שיסען אין א ציעל⸗ברעט.

Tar'gum *n.* (טאר'-גאם) דער תרגום [די כאלדעאישע אדער אראמעאישע איבערזעצונג פון תנ"ך].

Tar'gumist *n.* (טאר'-גאם-איסט) א תרגומיסט, א קענער פון תרגום [די כאלדעאישע אדער אראמעאישע איבערזעצונג פון תנ"ך].

tar'iff *n. and v.* (טער'-איף) א טאריף, א רייסטער פון סחורות מיט די שטייערען וואס דארפען אויף זיי נעצאהלט ווערען ביים אריינפיהרען אדער ארויספיהרען פון לאנד; די צאהלונגען אדער שטייערען וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף געוויסע סחורות לויט א געוויסער ליסטע אדער טאבעלע; א פרייז⸗ליסטע [ווי פון טעלעגראף א. ז. וו.]; דאס געזעץ וואס רעגולירט די צאהלונגען אויף אריינגעפיהרטע סחורות; מאכען א טאריף אדער א ליסטע פון צאהלונגען אויף אריינגעפיהרטע סחורות; בעשטימען דעם ווערטה פון עפעס.

tar'in *n.* (טער'-אין) ז. *siskin*

tar'latan *n.* (טאר'-לע-טען) זעהר א דינער מוסלין [אזא צייג].

tar'nal *a. and adv.* (טאר'-נעל) פערדאמט; צום טייוועל.

tarna'tion *a. and adv.* (טאר-ניי'-שאן) ז. *tarnal*

tar'nish *v. and n.* (טאר'-ניש) אראבנעהמען דעם גלאנץ; מאכען מאט; מאכען מוטנע אדער טריב; בעשמוצען, בעפלעקען; פערלירען דעם גלאנץ; ווערען מוטנע אדער טריב; א פלעק; דאס פערלירען דעם גלאנץ.

tar'nishable *a.* (טאר'-ניש-עבל) וואס קען פערלירען דעם גלאנץ.

tar'nisher *n.* (טאר'-ניש-ער) איינער אדער עטוואס וואס נעהמט אראב דעם גלאנץ, מאכט מוטנע אדער טריב.

ta'ro *n.* (טא'-ראו) טארא [אזא שפייז⸗פלאנצע, וועלכע וואקסט אין די ווארימע געגענדען].

tar'oc *n.* (טער'-אק) ז. *tarot*

tar'-oil *n.* (טאר'-איל) טער⸗אויל [אזא אויל וואס ווערט ערהאלטען פון דיסטילירען טער אדער דזשעגאכץ].

tar'ot *n.* (טער'-אט) איינער פון די שפיעל⸗קארטען וואס פלעגט אמאל בענוצט ווערען אין איטאליען [א טעשעל פון אזעלכע קארטען איז בעשטאנען פון 78 שטיק]; א שפיעל מיט אזעלכע קארטען.

tar'pan *n.* (טאר'-פען) אזא קליינעם ווילדעם פערד.

tarpau'lin *n.* (טאר-פאה'-לין) זעגעל⸗טוך וואס איז אנגעשמיערט מיט טער [סמאלע] אז קיין וואסער זאל ניט קענען דורכגעהן; צייג וואס איז געמאכט, אז עס זאל ניט דורכלאזען קיין וואסער; א מאטראזען⸗היטעל וואס איז געמאכט פון צייג וואס לאזט ניט דורך קיין וואסער; א מאטראז.

tarpau'ling *n.* (טאר-פאה'-לינג) ז. *tarpaulin*

tarpaw'ling *n.* (טאר-פאה'-לינג) ז. *tarpaulin*

tar'pon *n.* (טאר'-פאן) אזא גרויסער עסבארער ים⸗פיש, וועלכער האט די ענהליכקייט צו א הערינג [זיינע שופען זיינען זעהר גרויסע און פון א זילבער⸗ווייסען קאליר און ווערען בענוצט פאר פערציערונגען].

Tarpon

tar'ragon *n.* (טער'-ע-גאן) עסטראגאן אדער דראגאן [אזא אראמאטישע פלאנצע].

tarred pa'per (טארד פיי'-פער) טער⸗פאפיער [אזא דיקעס פאפיער וואס איז בעשמיערט מיט טער אדער סמאלע און ווערט בענוצט צום דעקען דעכער].

tar'riance *n.* (טער'-אי-ענס) א פערוויילונג, א פערזאמונג; אן אבלעגונג.

tar'rier *n.* (טער'-אי-ער) איינער וואס פערזאמט אדער לעגט אב.

tar'rock *n.* (טער'-אק) א ים⸗שוואלב; א ווינטער⸗מעווע, א יונגע דריי⸗פינגערדיגע מעווע אדער טשאיקע [אזא ים⸗פויגעל].

tar'ry *a.* (טאר'-אי) וואס בעשטעהט פון טער; בעשמיערט מיט טער.

tar'ry *v.* (טער'-אי) פערזאמען, פערוויילען; בלייבען; ווארטען; אבלעגען, פערציהען.

tar'rying *n.* (טער'-אי-אינג) דאס פערוויילען; דאס ווארטען; דאס אבלעגען, דאס פערציהען.

tar'sal *a. and n.* (טאר'-סעל) וואס איז שייך צו דעם פוס⸗ווארצעל [דער ענד פון פוס וואו עס קומען ארויס די פינגער]; דער פוס⸗ווארצעל ביין.

tar'sal joint (טאר'-סעל דזשאינט) דער פוס⸗ווארצעל⸗געלענק, דער פוס⸗קנעכעל⸗געלענק.

tar'sia *n.* (טאר'-סי-א) טארסיא, אזא מאזאאיק פון קליינע קאלירטע שטיקלעך האלץ.

tarsiatu'ra *n.* (טער-סי-ע-טוה'-רא) ז. *tarsia*

tar'sier *n.* (טאר'-סי-ער) א טארסיער, די לאנג⸗פיסיגע אפע [אזא אפען⸗ענהליכע חיה מיט לאנגע הינטערשטע פים].

Tarsier

tarsor'rhaphy *n.* (טאר-סאר'-ע-פי) אן אפעראציאן צו פערקלענערען די עפנונג פון די אויגען⸗לעדלעך.

tar'sus *n.* (טאר'-סאס) דער פוס⸗ווארצעל [דער ענד פון פוס פון וואנען עס קומען ארויס די פינגער]; די דינע שיכט פון כראמשקע [קנארפעל] ביי דעם ראנד פון די אויגען⸗לעדלעך.

tart *a. and n.* (טארט) 1. זויער, שארף [אין טעם]; 2. שניידענד, בייסענד, בייז; 3. א טארט.

2. To my courteous inquiry he made a tart reply.

tar'tan *n. and a.* (טאר'-טען) טארטאן, א מין שאטישעס געשטרייפטעס און געקעסטעלטעס געוואנד אין פערשיעדענע פארבען; דער מוסטער פון טארטאן; אזא איין⸗מאסטיגע האנדעלס⸗שיף; געשטרייפט און נעקעסטעלט אין פערשיעדענע פארבען ווי טארטאן.

tar'tar *n. and v.* (טאר'-טאר) וויינשטיין [אזא שטאף וואס זעצט זיך אב אויף די ווענד און דעקען פון וויין⸗פעסער]; אזא שטיין⸗ארטיגער שטאף פון גרינליכען קאליר וואס זעצט זיך אב אויף די צייהנער; אנזעטיגען מיט וויינשטיין.

Tar'tar *n. and a.* (טאר'-טאר) דער טארטארוס, דער גיהנם, די העל; א טאטער; א בארבאר; טאטעריש.

tar'tarated *a.* (טאר'-טע-ריי-טער) פערבונדען מיט וויינשטיין. ז. *tartar*.

Tarta'rean *a.* (טאר-טיי'-רי-ען) פון טארטארוס, פון גיהנם; ווי דער גיהנם, ווי די העל.

tarta'reous *a.* (טאר-טיי'-רי-אס) וואס ענטהאלט אדער בעשטעהט פון וויינשטיין; עהנליך צו וויינשטיין. ז. *tartar*.

Tarta'reous *a.* (טאר-טיי'-רי-אס) ז. *Tartarean*.

Tarta'rian *a. and n.* (טאר-טיי'-רי-ען) ז. *Tatarian*.

tartar'ic *a.* (טאר-טער'-איק) וויינשטיינעהנליך, וויינשטייניג.

Tartar'ic *a.* (טאר-טער'-איק) ז. *Tataric*.

tartar'ic ac'id (טאר-טער'-איק עס'-איד) וויינשטיין=זויערע [אזא זויערע, וואס קריסטאליזירט זיך אין ווייסע ראמבפערמיגע קריסטאלען, וועלכע האבען זעהר א זויערען טעם און ווערען שנעל פאנאנדערגעלאזען אין וואסער. וויינשטיין=זויערע ווערט פיעל געברויכט אין פארבען און אויך אין מעדיצין].

tar'tarine *n.* (טאר'-טע-רין) טארטארין, אזא זארט טייערער כינעזישער אדער אינדישער זייד.

tartariza'tion *n.* (טאר-טע-רי-זיי'-שאן) די בילדונג פון וויינשטיין, אנזאפונג מיט וויינשטיין.

tar'tarize *v.* (טאר'-טע-ראיז) אנזאפען מיט וויינשטיין.

Tar'tarize *v.* (טאר'-טע-ראיז) ז. *Tatarize*.

tar'tarous *a.* (טאר'-טע-ראס) וויינשטייניג, וויינשטיין=עהנליך; וואס ענטהאלט וויינשטיין, וואס בעשטעהט פון וויינשטיין.

Tar'tarous *a.* (טאר'-טע-ראס) טאטעריש; בארבאריש.

Tar'tarus *n.* (טאר'-טע-ראס) דער טארטארוס, דער גיהנם, די העל, די שאול תחתיה.

tart'let *n.* (טארט'-לעט) א טערטעל, א קליינער טארט.

tart'ly *adv.* (טארט'-לי) זויער, שארף [אין טעם]; בייסיג, שניידענד [אין שפראך].

tart'ness *n.* (טארט'-נעס) זויערקייט, שארפקייט [אין טעם]; בייסיגקייט, שניידיגקייט [אין שפראך].

tar'trate *n.* (טאר'-טרייט) וויינשטיין=זויער=זאלץ [א זאלץ וואס בעקומט זיך פון וויינשטיין=זויערע. ז. *tartaric acid*].

Tartufe' *n.* (טאר-טאף') ז. *Tartuffe*.

Tartuffe' *n.* (טאר-טאף') א טארטוף, א היפאקריט, א צבוע'ק.

Tartuf'fism *n.* (טאר-טאפ'-איזם) צבוע'טסטווע, היפאקריטסטווע.

Tartuf'ism *n.* (טאר-טאפ'-איזם) ז. *Tartuffism*.

tarve *n.* (טארוו) א קרימונג, א בויגונג.

tar'-wa'ter *n.* (טאר'-הוואה'-טער) טערוואסער [אזא פליסיגקייט פון וואסער מיט גערייניגטען טער אדער דזשענאבץ. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

tas'co *n.* (טעס'-קאו) אזא זארט ליים פון וועלכען מען מאכט שמעלץ=טיגלען.

tash *n* (טעש) אזא זארט זיידען=צייג וואס איז דורכגעוועבט מיט פיעלע זילבער און גאלד=פעדים.

tasim'eter *n.* (טע-סימ'-ע-טער) א טאסימעטער [אן אינסטרומענט צו פערצייכענען קליינע ענדערונגען פון דרוק און די קליינע ענדערונג אין דער טעמפעראטור וואס קומט דורך דעם פאר].

tasimet'ric *a.* (טעס-אי-מעט'-ריק) וואס איז שייך צו די מעסטונגען פון דרוק; וואס איז שייך צו א טאסימעטער [ז. *tasimeter*].

task *n. and v.* (טעסק) אן אויפגאבע, א לעקציאן; אן ארבייט; אן אונטערנעהמונג; א געשעפט; אן אונטערנומענע ארבייט; א מיהזאמע ארבייט; געבען אן אויפגאבע; ארויפלעגען א בעשטימטע ארבייט.

tas'ker *n.* (טעס'-קער) איינער וואס גיט אויף אדער לעגט ארויף ארבייט.

tas'king *n.* (טעס'-קינג) ז. *task-work*.

task'master *n.* (טעסק'-מעס-טער) איינער וואס גיט אויף ארבייט; איינער וואס גיט אויף א לעקציאן; א ווערק=מייסטער, אן אויפזעהער אויף ארבייט.

task'mistress *n.* (טעסק'-מיס-טרעס) א פרוי וואס גיט אויף ארבייט; אן ארבייטס=אויפזעהערין.

task'-work *n.* (טעסק'-הוואירק) אויפגעגעבענע ארבייט; שטיק=ארבייט, אקארד=ארבייט.

Tasma'nian *a. and n.* (טעס-מיי'-ני-ען) וואס איז שייך צום אינזעל טאסמאניען [אין אויסטראליען]; א טאסמאניער, א געבארענער אדער אן איינוואהנער פון טאסמאניען.

tass *n.* (טעס) א טרינק=בעכער, א טרינק=גלעזעל; א שנאפס, א שנעפסעל.

tassa'go *n.* (טע-סא'-גא) אין דרום=אמעריקא — א געריכט פון געטריקענטען פלייש.

tas'sel *n. and v.* (טעסל) א פראנג, א פראנז, א קוטאס; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פראנז; א בלאט=צייכען, א לעזע=צייכען [א בענדעל אדער שנירעל, וואס ווערט אריינגעקלעפט אין א בוך צום בענוצען עס אלס צייכען צווישען די בלעטער, וואו מען האט זיך אבגעשטעלט ביים לעזען]; בעפוצען מיט פראנגען אדער פראנזען; אראבנעהמען די פראנגען=עהנליכע פעדים פון קוקורוזע אדער מאאיס אום עס זאל בעסער וואקסען; ארויסלאזען פון זיך פראנגען=עהנליכע בליהונג.

tas'seled *a.* (טעסלד) מיט פראנגען אדער פראנזען [קוטאסען].

tas'selled *a.* (טעסלד) ז. *tasseled*.

tas'table *a.* (טייס'-טעבל) וואס מען קען פערזוכען, וואס לאזט זיך פערזוכען; געשמאק.

taste *v. and n.* (טייסט) אבפערזוכען, אבפראבירען [שפייזען אדער געטרענקע]; געניסען; אבפראבירען דעם געשמאק; האבען פאר עטוואס א געשמאק אדער א נייגונג; זיך דערוויסען, דערקענען; אנערקענען, וויסען פון ערפאהרונג; האבען א געשמאק; דאס פערזוכען אדער אבפרובירען; א פראבע; א געשמאק; א טעם; א מוסטער; א נייגונג; א שמאלער זיידענער באנד.

tas'ted *a.* (טייס'-טעד) מיט געשמאק; וואס האט א געשמאק.

taste'ful *a.* (טייסט'-פול) געשמאק, וואס האט אן אנגענעהמען געשמאק; געשמאקפול, מיט א גוטען געשמאק; עלעגאנט, שעהן.

taste'fully *adv.* (טייסט'-פול-אי) מיט א גוטען געשמאק; געשמאקפול.

taste'fulness *n.* (טייסט'-פול-נעס) דאס זיין געשמאקפול.

taste'less *a.* (טייסט'-לעס) געשמאקלאז, אהן געשמאק, אהן טעם.

taste'lessly *adv.* (טייסט'-לעס-לי) אויף א געשמאקלאזען אופן.

taste'lessness *n.* (טייסט'-לעס-נעס) געשמאקלאזיגקייט.

tas'ter *n.* (טייס'-טער) אן אבפראבירער אדער פערזוכער [פון עסענס אדער געטרענקע]; א לעפעל אדער גלעזעל מיט וואס מען פראבירט אדער פערזוכט.

tas'tily *adv.* (טייס'-טי-לי) געשמאקפול, מיט א גוטען געשמאק.

tas'to so'lo (טעס'-טאו סאו'-לאו) אין מוזיק — אן אנווייזונג, אז מען זאל שפיעלען בלויז די באס=נאטען אהן אנדערע אקארדען.

tas'ty *a.* (טייס'-טי) געשמאק; מיט געשמאק, עלעגאנט, שעהן.

tat *n. and v.* (טעט) א לופעטע, א שמאטע; קלייבען שמאטעס אדער לופעטעס; שטריקען אדער טאמבורירען א געוויסען זארט שפיצען [קרוזשעווע]; בעפוצען דורך טאמבורירטע שפיצען.

ta'ta *n.* (טא'-טא) אין מערב=אפריקא — די רעזידענץ פון דעם הויפט אדער עלטערען פון א בעצירק.

ta'ta *n.* (טיי'-טא) אזא קוסטען=פלאנצע פון בראזיליען.

Ta'tar *n. and a.* (טא'-טאר) א טאטער; וואס איז שייך צו א טאטער אדער צו טאטערען; טאטעריש.

Tata'rian *a. and n.* (טא-טיי'-רי-ען) טאטעריש; וואס איז שייך צו די טאטערען; א טאטער.

Tatar'ic *a.* (טא-טער'-איק) טאטעריש; פון טאטערען.

Ta'tarize *v.* (טא'-טע-ראיז) מאכען פאר א טאטער.

tat'ou *n.* (טעט'-אוה) א פאנצער=טהיער, א גארטעל=טהיער; דאס בראזילישע ריעזען פאנצער=טהיער אדער גארטעל=טהיער [ז. *armadillo*].

tat'ouay *n.* (טעט'-או-איי) דאס זיד=אמעריקאנישע פאנצער=טהיער אדער גארטעל=טהיער. ז. *armadillo*.

tatt *v.* (טעט) שטריקען אדער טאמבורירען א געוויסען זארט שפיצען [קרוזשעווע]; בעפוצען דורך טאמבורירטע שפיצען.

tat'ta *n.* (טעט'-א) אזא דינע ראגאזשע [מאטע] אין אסט=אינדיען וואס ווערט געפלאכטען פון אזא שמעקעדיגען גראז און ווערט דארטען בענוצט צו פערהענגען די פענסטער און די טהירען אין די היצען.

tat'ter *v. and n.* (טעט'-ער) צורייסען אדער צוריסען ווערען אין שמאטעס; צוטראגען ביז צו שמאטעס; א שמאטע, א לופעטע, א לאפען; איינער וואס טאמבורירט שפיצען [קרוזשעווע].

tatterdema'lion *n.* (טעט-ער-די-מיי'-ליאן) אן אבגעריסענער, איינער וואס געהט אבגעריסען און אבגעשליסען.

tat'tered *a.* (טעט'-ערד) צוריסען, צולומפט, שמאטעוואטע, אבגעריסען, צובראכען; אנגעטהאן אין שמאטעס אדער לומפען.

tat'tery *a.* (טעט'-ער-אי) אבגעריסען און אבגעשליסען; צולומפט, שמאטעוואטע.

tat'tie *n.* (טעט'-אי) ז. *tatta*.

tat'ting *n.* (טעט'-אינג) אזעלכע טאמבורירטע שפיצען [קרוזשעווע]; דאס טאמבורירען שפיצען.

tat'tle *v. and n.* (טעטל) פלוידערען, פלאפלען, קלאטשען; פלוידעריי, קלאטשעריי, פלאפלעריי, פוסטע דבורים, דברים בטלים.

tat'tler *n.* (טעט'-לער) א פלוידערער,

א באלבעטון, א פלאפלער; אזא פויגעל מיט לאנגליכע פים און א לאנגליכען שנאבעל.

tat'tling *a.* (טעט'-לינג) פלוידערענד, פלאפלענד.

tat'tlingly *adv.* (טעט'-לינג-לי) פלוידערענדיג, פלאפלענדיג; רעדענדיג פוסטע דבורים.

tattoo' *v. and n.* (טע-טוה') טאטואירען [אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף'ן לייב]; טאטואירונג, אויסגעשטאכענע פארביגע פיגורען אויף'ן לייב; דאס פויקען מיט א פויק.

Tattoo

tattoo'er *n.* (טע-טוה'-ער) א טאטואירער, איינער וואס קען אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף'ן קערפער.

tattoo'ing *n. and a.* (טע-טוה'-אינג) טאטואירונג, די קונסט פון אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויף'ן לייב; די אויסגעשטאכענע פארביגע פיגורען אויף'ן לייב; דער קלאנג פון א פויק; טאטואירענד.

tattoo'ing-nee'dle *n.* (טע-טוה'-אינג-ניע'דל) א טאטואיר=נאדעל [א נאדעל מיט וועלכער מען שטעכט אויס פארביגע פיגורען אויף'ן לייב].

tat'ty *n.* (טעט'-אי) אזא דינע ראגאזשע [מאטע] אין אסט=אינדיען, וועלכע איז געפלאכטען פון אזא שמעקעדיגען גראז און ווערט בענוצט צו פערהענגען די פענסטער און די טהירען אין די הייסע וועטערען.

tau'-bone *n.* (טאה'-באון) א ביין עהנליך צו דעם בוכשטאב T.

taught (טאהט) געלערענט, אונטערריכטעט. ז. *teach*.

taunt *v., n. and a.* (טאהנט) שפאטען, חוזק מאכען; שפאט; חוזק; זעהר הויך [ווענען א מאסט פון א שיף].

taun'ter *n.* (טאהנ'-טער) א שפאטער, א חוזק=מאכער.

taun'tingly *adv.* (טאהנ'-טינג-לי) שפאטענדיג, מאכענדיג חוזק; מיט שטעך=ווערטלעך.

tau'riform *a.* (טאה'-רי-פארם) אקסען=פערמיג, וואס האט די פארם פון אן אקס אדער פון זיינע הערנער; אין אסטראנאמיע — וואס בעצייכענט דעם מזל שור פון דעם זאדיאק אדער מזלות; וואס האט די פארם פון דעם סימבאל ♉.

tau'rine *a.* (טאה'-רין) וואס איז שייך צו אן אקס; עהנליך צו אן אקס; וואס איז שייך צום צייכען פון מזל שור [♉]; וואס איז שייך צו דער פעריאדע ווען די זון, אין דער טאג=און=נאכט=גלייכהייט פון פריהלינג [ז. *vernal equinox*], האט זיך געפונען אין דער שטערען=גרופע פון מזל שור [דיעזע פעריאדע האט געדויערט פון יאהר 4500 ביז דעם יאהר 1900 פאר קריסטוס'עס געבורט].

taurobo'lium *n.* (טאה-רא-באו'-לי-אם) דאס מקריב זיין אן אקס פאר'ן גאט מיטהרא [ז. *Mithra*]; א בילד אדער סטאטוע וואס שטעלט פאר דאס קוילען אן אקס.

tau'rocol *n.* (טאה'-רא-קאל) א קליי וואס ווערט געמאכט פון אקסען=פעל.

taurocol'la *n.* (טאה-רא-קאל'-א) ז. *taurocol*.

tauroma'chian *a. and n.* (טאה-רא-מיי'-קי-ען) וואס איז שייך צו אן אקסען=קאמפף, וואס שטעלט פאר אן אקסען=קאמפף; אן אקסען=קעמפפער, א טארעאדאר.

tauromach'ic *a.* (טאה-רא-מעק'-איק) וואס איז שייך צו אן אקסען=קאמפף.

taurom'achy *n.* (טאה-ראמ'-ע-קי) אן אקסען=קאמפף.

tauromor'phous *a.* (טאה-רא-מאהר'-פאס) וואס האט די פארם פון אן אקס.

Tau'rus *n.* (טאה'-ראס) מזל שור [די גרופע שטערען אין דעם זאדיאק אדער מזלות, וואס ווערט פארגעשטעלט ווי דער פאדערשטער טייל פון אן אקס].

tau'-staff *n.* (טאה'-סטעף) א קרייצפערמיגער שטיעל אדער הענטעל.

taut *a.* (טאהט) שטייף, פעסט, שטייף אנגעצויגען; וואס איז אין א גוטען אדער זיכערען צושטאנד.

tautaug' *n.* (טאה-טאהג') ז. *tautog*.

tau'ten *v.* (טאהטען) שטייף אנגעצויגען ווערען; מאכען שטייף, אנציהען שטייף אדער פעסט.

taut'ly *adv.* (טאהט'-לי) שטייף אנגעצויגען.

taut'ness *n.* (טאהט'-נעס) אנגעצויגענקייט, שטייפקייט.

tau'tochrone *n.* (טאה'-טא-קראון) אין מאטעמאטיק — א איזאכראנישע ליניע [אזא קרומע ליניע, וואס ווען א שווערע משא זאל זיך גליטשען איבער איהר, דורך דעם געוויכט פון איהר שווערקייט, וועט זי, די משא, דערגרייכען דעם נידריגסטען פונקט פון דער ליניע אין דערזעלביגער צייט, גאנץ גלייך פון וועלכען פונקט זי האט זיך אנגעפאנגען גליטשען].

tautoch'ronism *n.* (טאה-טאק'-רא-ניזם) די כאראקטעריסטישע אייגענשאפט פון אן איזאכראנישער ליניע. ז. *tautochrone*.

tautoch'ronous *a.* (טאה-טאק'-רא-נאס) וואס דויערט דיזעלביגע צייט; ווי אן איזאכראנישע ליניע ז. *tautochrone*.

tautog' *n.* (טאה-טאג') דער אמעריקאנער ליפ=פיש אדער שווארץ=פיש [אזא שעצבארער שפייז=פיש וועלכער געפינט זיך ביי די ברעגען פון דעם אטלאנטישען ים אין אמעריקא].

tautolog'ic *a.* (טאה-טא-לאדזש'-איק) טאוטאלאגיש [וואס ווידערהאלט דיזעלביגע זאך אין אנדערע ווערטער].

tautolog'ical *a.* (טאה-טא-לאדזש'-אי-קעל) ז. *tautologic*.

tautolog'ical ech'o (טאה-טא-לאדזש'-אי-קעל עק'-או) אן עכא אדער ווידערקלאנג וואס ווידערהאלט זיך מעהרערע מאל.

tautol'ogise *v.* (טאה-טאל'-א-דזשאיז) ז. *tautologize*.

tautol'ogism *n.* (טאה-טאל'-א-דזשיזם) טאוטאלאגיזם, די ווידערהאלונג פון דערזעלביגער זאך אין אנדערע ווערטער, א נוצלאזע ווידערהאלונג פון דעמזעלבען געדאנק אין אנדערע ווערטער.

tautol'ogist *n.* (טאה-טאל'-א-דזשיסט) א טאוטאלאגיסט, איינער וואס ווידערהאלט דעמזעלבען געדאנק אין אנדערע ווערטער.

tautol'ogize *v.* (טאה-טאל'-א-דזשאיז) נוצלאז ווידערהאלען דיזעלביגע זאך מיט אנדערע ווערטער.

tautol'ogous *a.* (טאה-טאל'-א-גאס) ז. *tautologic*.

tautol'ogy *n.* (טאה-טאל'-א-דזשי) טאוטאלאגיע, די ווידערהאלונג פון דערזעלביגער זאך מיט אנדערע ווערטער, די נוצלאזע ווידערהאלונג פון א געדאנק אין אנדערע ווערטער וועלכע האבען דיזעלביגע בעדייטונג.

tau'tophony *n.* (טאה'-טא-פאו-ני) די ווידערהאלונ פון דעמזעלביגען קלאנג.

tav'ern *n.* (טעוו'-ערן) א טאווערנע, א שענק; א גאסט=הויז, אן אכסניה.

tav'erner *n.* (טעוו'-ער-נער) א שענקער, א בעל אכסניה.

tav'ern-haun'ter *n.* (טעוו'-ערנ-האנ'-טער) א שענק=בעזוכער.

tav'ern-kee'per *n.* (טעוו'-ערנ-קיע'-פער) א שענקער, א בעל אכסניה.

tav'ern-to'ken *n.* (טעוו'-ערנ-טאו'קן) אזא מטבע, וואס שענקער האבען אמאל אין ענגלאנד ארויסגעגעבען צו בענוצען אלס אויסגאב.

taw *v. and n.* (טאה) אויסגארבען פעל אין לעדער; גארבען וויים, מאכען זעמש; מורמעל=שפיעל [אזא שפיעל מיט שטיינערנע אדער גלעזערנע קייקעלעך]; א שנעל=קייקעלע אדער א מורמעל [אזא שטיינערנעם אדער גלעזערנעם קייקעלע צום שפיעלען].

taw'drily *adv.* (טאה'-דרי-לי) מיט צופיעל פליטערלעך, מיט געשמאקלאזע אדער אויפפאלענדע בעפוצונגען.

taw'driness *n.* (טאה'-דרי-נעס) איבערטריבענע, געשמאקלאזע אדער אויפפאלענדע בעפוצונגען; א פוסטער גלאנץ.

taw'dry *n. and a.* (טאה'-דרי) א ביליגע אדער אויפפאלענדע בעפוצונג, א געשמאקלאזע פערציערונג; א ביליגעם שטיקעל ציערונג; מיט צופיעל פליטערלעך; מיט געשמאקלאזע, אויפפאלענדע און ביליגע בעפוצונגען; ווערטהלאז, ביליג.

taw'er *n.* (טאה'-ער) א זעמש=גארבער; איינער וואס גארבט וויסע לעדער.

taw'ery *n.* (טאה'-ער-אי) א זעמש=גארבארניע; א גארבארניע פאר וויסע לעדער; א גארבארניע.

taw'niness *n.* (טאה'-ני-נעס) דאס זיין ברוין=געלב אדער שווארץ=געלב.

taw'ny *a, n. and v.* (טאה'-ני) שווארץ=געלב, שווארץ=ברוין; ברוין=רויט; א שווארץ=ברוינער אדער שווארץ=געלבער קאליר; מאכען שווארץ=געלב אדער שווארץ=ברוין.

tax *n. and v.* (טעקס) א שטייער, אן אבגאבע; א טאקסע; אן אבצאהל; אן ארויפגעלעגטע פליכט אדער לאסט; ארויפלעגען שטייער; שאצען, טאקסירען; ארויפלעגען א לאסט; אין נייעם טעסטאמענט — רעגיסטרירען פערזאנען און

זייער פערמעגען אום צו נעהמען פון זיי אבגאבען; טארלען, קריטיקירען.

taxabil'ity *n.* (טעק-סע-ביל'-אי-טי) שטייערבארקייט, דאס קענען בעשטייערט ווערען.

tax'able *a. and n.* (טעקס'-עבל) אויף וואס מען קען ארויפלעגען א שטייער אדער אן אבצאהל; וואס איז ארויפצורעכענען אלס געריכטס־קאסטען; א פערזאן אדער זאך וואס דארף בעשטייערט ווערען.

tax'ableness *n.* (טעקס'-עבל-נעס) ז. *taxability*.

tax'ably *adv.* (טעקס'-ע-בלי) צום בעשטייערען, ארויפצולעגען א טאקסע אדער אן אבצאהל.

taxa'tion *n.* (טעק-סיי'-שאן) בעשטייערונג; דאס ארויפלעגען שטייער אדער אבצאהלונג; אבשאצונג.

tax'-cart *n.* (טעקס'-קארט) אזא לייכטער וואגען אויף פרוזשינעס.

tax commis'sioner (טעקס קא-מיש'-אנ-ער) א בעאמטער וואס שאצט אב דעם ווערטה פון אייגענטום און וויפיעל מען דארף צאהלען שטייער.

tax'-dodg'er *n.* (טעקס'-ראדזש'-ער) איינער וואס מיידט אויס אדער ווייכט אויס צו צאהלען שטייער.

tax'-eat'er *n.* (טעקס'-איעט'-ער) א רעגירונגס־בעאמטער, איינער וואס לעבט אויף'ן חשבון פון קהל.

tax'er *n.* (טעקס'-ער) איינער וואס לעגט ארויף שטייער; א שאצער.

tax'-free *a.* (טעקס'-פריע) פריי פון אבצאהל אדער אבגאבען, שטייער־פריי.

tax'-gath'erer *n.* (טעקס'-געטה'-ער-ער) א שטייער־קאלעקטאר.

tax'iarch *n.* (טעק'-סי-ארק) א טאקסיארך, א קריעגס־הויפטמאן אין אלט־גריכענלאנד.

tax'icab *n.* (טעק'-סי-קעב) אן אויטאמאביל מיט א דיסטאנץ־מעסטער [אן אפאראט וואס צייגט אן די אבגעפאהרענע שטרעקע] צו פיהרען פאסאזשירען.

tax'icorn *n.* (טעק'-סי-קאהרן) אזא זשוק [באבעלע] מיט א הארן ווי א קלין.

tax'idermal *a.* (טעק'-סי-דויר-מעל) וואס איז שייך צו די אויסשטאפונג פון די פעל פון חיות.

taxider'mic *a.* (טעק-סי-דויר'-מיק) ז. *taxidermal*.

tax'idermist *n.* (טעק'-סי-דויר-מיסט) איינער וואס שטאפט אויס די פעל פון חיות.

tax'idermy *n.* (טעק'-סי-דויר-מי) די קונסט אויסצושטאפען די פעל פון חיות.

tax'is *n.* (טעק'-סיס) דאס אריינשטעלען אן אויסגעלונקענעם גליעד צוריק אויף זיין ארט ניט געברויכענדיג דערצו קיין אינסטרומענטען; א באטאליאן סאלדאטען אין אלט־גריכענלאנד; אן איינארדנונג, א צונויפשטעלונג לויט א געוויסער ארדנונג; אין זאאלאגיע — קלאסיפיקאציאן.

tax'less *a.* (טעקס'-לעס) שטייער־פריי.

taxol'ogy *n.* (טעק-סאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען קלאסיפיצירען אדער ארדנען אין א סיסטעם [חיות אדער פלאנצען].

taxon'omer *n.* (טעק-סאנ'-א-מער) ז. *taxonomist*.

taxonom'ic *a.* (טעק-סא-נאמ'-איק) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען קלאסיפיקאציאן אדער איינארדנונג אין א סיסטעם [ווי חיות אדער פלאנצען]; סיסטעמאטיש, מעטאדיש.

taxonom'ical *a.* (טעק-סא-נאמ'-אי-קעל) ז. *taxonomic*.

taxonom'ically *adv.* (טעק-סא-נאמ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו סיסטעמאטישער קלאסיפיקאציאן אדער איינארדנונג.

taxon'omist *n.* (טעק-סאנ'-א-מיסט) איינער וואס קלאסיפיצירט אדער ארדענט נאך א געוויסער סיסטעם [חיות אדער פלאנצען].

taxon'omy *n.* (טעק-סאנ'-א-מי) די לעהרע וועגען קלאסיפיצירען אדער ארדנען אין א סיסטעם [חיות אדער פלאנצען].

tax'or *n.* (טעקס'-אר) ז. *taxer*.

tax'payer *n.* (טעקס'-פיי-ער) א שטייער־צאהלער, איינער וואס צאהלט שטייער.

tend *v.* (טענד) 1. זיך בעוועגען אין א געוויסער ריכטונג, זיך ריכטען, זיין גענייגט; צילען; 2. האבען א טענדענץ, האבען א נייגונג [עפעס צו פעראורזאכען]; 3. ווירקען, ארויסרופען, פעראורזאכען; דיענען צו עפעס; פיהרען צו עפעס; 4. בעוואכען, בעגלייטען; 5. אומגעהן [ארום אימעצען אדער ארום עפעס], אויפפאסען; 6. בעדיענען; 7. שווייען [אומדרעהן א פעראנקערטע שיף לויט'ן שטראם].

1. I do not know whither your argument **tends**. 2. Exercise **tends** to strengthen the muscles. 3. His only wish is that his work may **tend** to the welfare of mankind. 5. The mother **tends** the sick child. 6. I have to **tend** upon my father.

ten'dance *n.* (טענ'-דענס) דאס אומגעהן ארום עפעס אדער אימעצען, אויפפאסונג; בעוואכונג; די בעגלייטונג, די נאכפאלגערשאפט, די דיענערשאפט.

ten'dence *n.* (טענ'-דענס) ז. *tendance*

ten'dency *n.* (טענ'-דענ-סי) טענדענץ, נייגונג, ריכטונג; שטרעבונג, ציעלונג.

ten'der *a., n. and v.* (טענ'-דער) 1. צארט, זאנפט, דעליקאט; ווייך; שוואך; 2. צערטליך, מילד, ווייכהערציג; ליעב, טהייער; עמפפינדליך; פיהלענד; 3. פארזיכטיג, צערטליך זארגענד, שוינענד; 4. וואס בויגט זיך [וועגען א שיף]; 5. איינער וואס בעוואכט, בעדיענט, זארגט [אום עפעס אדער אימעצען], אן אויפפאסער, א וועכטער, א וועכטערין; 6. א פראוויאנט־שיף, א שיף וואס בעגלייט א צווייטע שיף [און בעזארגט זי מיט פראוויאנט, מיט אויסקינפטע א. ז. וו.]; א קויהלען־קאמער ביי א לאקאמאטיוו; 7. אן אנבאט, אן אנבאט וועגען א פאדריאד, א צאהלונגס־אנבאט; 8. א צאהלונגס־מיטעל, געזעצליכעס געלד; 9. שעצען, שוינען, אויפפאסען אדער אבהיטען מיט ליעבע און צערטליכקייט; 10. מאכען צארט, דעליקאט, צערטליך אדער עמפפינדליך; 11. אנבאטען, מאכען אן אנבאט; אנגעבען, פארשלאגען; פארלעגען; 12. מאכען אן אנבאט וועגען א פאדריאד.

3. He is very **tender** to his family. 5. He is a machine **tender**. 8. Only gold is legal **tender** in England. 11. I intend to **tender** my resignation.

ten'der age (טענ'-דער אײדזש) דאס צארטע עלטער, די יונגע יאהרען.

ten'der-dy'ing *a.* (טענ'-דער-דאי'-אינג) וואס שטארבט יונגערהייד.

tenderee' *n.* (טענ-דער-איע') איינער וועמען מען מאכט אן אנבאט, איינער וועמען מען לעגט פאר אן אבצאהלונג אדער בעלוינונג.

ten'derer *n.* (טענ'-דער-ער) אן אנבאטער, איינער וואס לעגט עפעס פאר אדער מאכט אן אנבאט; איינער וואס מאכט ווייך [ווי למשל, פלייש].

ten'der-eyed *a.* (טענ'-דער-איד) 1. וואס האט צארטע, ליעבע אויגען; 2. שוואך־אויגיג, מיט א שוואכער ראיה.

2. You must not think him so **tender-eyed** as not to see your follies.

ten'derfoot *n.* (טענ'-דער-פוט) א נייאיינגעוואנדערטער [אין די סטעפען־געגענדען פון אויסטראליען און פון די וועסטליכע געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא], א "גרינהארן", אן אונערפאהרענער.

ten'der-foot'ed *a.* (טענ'-דער-פוט'-עד) וואס האט צארטע אדער עמפפינדליכע פיס; פארזיכטיג, שרעקעדיג; אונערפאהרען, ניי־איינגעוואנדערט [אין די סטעפעס־געגענדען פון אמעריקא און אויסטראליען].

ten'der-foot'edness *n.* (טענ' דער-פוט'-עד נעס) אונערפאהרענהייט, "גרינקייט", דאס זיין א ניי־איינגעוואנדערטער

[אין די סטעפעס-געגענדען פון אמעריקא און אויסטראליען].

ten'derfoots *n.* (טענ'-דער-פוטס) נייע אייגגעוואנדערטע, "גרינהארנס". ז. *tenderfoot*.

ten'der-heart'ed *a.* (טענ'-דער-האר'-טעד) ווייכהערציג, מיטליידיג, עמפפינדליך, פיהלענד.

ten'der-heart'edly *adv.* (טענ'-דער-הארט'-טעד-לי) מיט ווייכהערציגקייט, מיט מיטלייד; אויף אן עמפפינדליכען אדער פיהלענדען אופן.

ten'der-heart'edness *n.* (טענ'-דער-הארט'-טעד-נעס) ווייכהערציגקייט, מיטליידיגקייט; עמפפינדליכקייט, דאס זיין שטארק פיהלענד.

ten'derling *n.* (טענ'-דער-לינג) א צו-פיעשטשעטעס אדער פערצערטעלטעס קינד; א פערצערטעלטער מענש; א שוועכלינג; איינער פון די ערשטע הערנער פון א הירש.

ten'derloin *n.* (טענ'-דער-לאין) ווייכעס לענדען-פלייש [פון רינד-פיה].

Ten'derloin *n.* (טענ'-דער-לאין) א קווארטאל אין ניו יארק [און אויך אין אנדערע שטעדט אין אמעריקא], וואו עס געפינען זיך די מייסטע טעאטערע און אריסטאקראטישע רעסטאראנען און וואו מען פיהרט בכלל א פרעהליכעס און אויסגעלאסענעס נאכט-לעבען.

ten'derly *adv.* (טענ'-דער-לי) צערטליך, פריינדליך; מיט ליעבע; דעליקאט; שארף-פיהלענד [א וועהטאג]; מיט ביטערקייט [וויינען].

ten'der-min'ded *a.* (טענ'-דער-מאינ'-דעד) ווייכהערציג, מיטליידיג, פיהלענד.

ten'derness *n.* (טענ'-דער-נעס) צערטקייט, זאנפטקייט; דעליקאטנעקייט; ווייכקייט; שוואכקייט; צערטליכקייט; עמפפינדליכקייט; צערטליכע בעזארגטקייט [וועגען אימעצען אדער עפעס].

ten'der pas'sion (טענ'-דער פעש'-אן) ליעבע.

ten'der point (טענ'-דער פאינט) דער שוואכער פונקט, דער דעליקאטער פונקט.

ten'der-si'ded *a.* (טענ'-דער-סאי'-דעד) וואס בויגט זיך לייכט [וועגען א שיף].

ten'der woes (טענ'-דער הוואוז) ליעבעס-שמערצען, ליעבעס-וועהעגען.

ten'dines *n.* (טענ'-די-ניעז) קאסקעאדערען, צאפ-אדערען [פלעקסען, זשילעס]; קאסקע-פערבינדונגען [פון טיילען פון מוסקולען אדער פון מוסקולען מיט ביינער]. ז. *tendon*.

ten'dinous *a.* (טענ'-די-נאס) וואס איז שייך צו קאסקע [צאפ] אדער קאסקעאדערען [פלעקסען, זשילעס]; אדערדיג, פול מיט אדערען. ז. *tendon*.

ten'do *n.* (טענ'-דאו) ז. *tendon*.

ten'don *n.* (טענ'-דאן) קאסקע-געוועב [צאפ-געוועב]; א קאסקע-אדער, א פלעקסע [קאסקע-פערבינדונג צווישען טיילען פון א מוסקול און צווישען א מוסקול און א ביין].

tend on (טענד אן) בעדריענען.

ten'donous *a.* (טענ'-דאן-אס) ז. *tendinous*.

ten'dotome *n.* (טענ'-דא-טאום) ז. *tenotome*.

ten'dril *n. and a.* (טענ'-דריל) א ראנקע [דער פאדים-ארטיגער טייל פון א פלאנצע וואס דרעהט זיך ארום עפעס אום זיך אנצוהאלטען]; זיך דרעהענד, זיך ארומפלעכטענד, קלעטערענד [וועגען א פלאנצע].

ten'driled *a.* (טענ'-דרילד) וואס האט ראנקען. ז. *tendril*.

ten'drilled *a.* (טענ'-דרילד) ז. *tendriled*.

tend upon' (טענד א-פאן') בעדריענען.

tenebrif'ic *a.* (טענ-אי-בריפ'-איק) פערפינסטערענד, פערטונקלענד, וואס פערשפרייט פינסטערניש.

ten'ebrose *a.* (טענ'-אי-בראוס) ז. *tenebrous*.

tenebros'ity *n.* (טענ-אי-בראס'-אי-טי) פינסטערקייט.

ten'ebrous *a.* (טענ'-אי-בראס) פינסטער, חשך.

ten'ebrousness *n.* (טענ'-אי-בראס-נעס) ז. *tenebrosity*.

ten'ement *n.* (טענ'-ע-מענט) א געדונגענעס שטיק לאנד; די האלטונג פון לאנד אדער גיטער, א בעזיץ; א הויז וואס איז בעוואהנט פון א פאמיליע; א וואהנונג, א דירה; א טענעמענט-הויז [ז. *tenement-house*].

tenemen'tal *a.* (טענ-ע-מענ'-טעל) וואס קען געדונגען ווערען אדער געהאלטען ווערען אין ארענדע [ווי א הויז אדער לאנד]; וואס איז שייך צו ארענדע; וואס ווערט געדונגען אדער געהאלטען אין ארענדע.

tenemen'tal lands (טענ-ע-מענ'-טעל לענדז) לאנד וואס פרייע ארענדאטארען אדער פאכטער האלטען פון א פעאדאלען פריץ.

tenemen'tary *a.* (טענ-ע-מענ'-טע-רי) ז. *tenemental*.

ten'ement-house *n.* (טענ'-ע-מענט-האוס) א טענעמענט-הויז [א הויז מיט בעזונדערע וואהנונגען צום פערדינגען; א הויז מיט מעהר ווי דריי שכנים; א הויז מיט פיעל וואהנונגען פאר דער ארימער בעפעלקערונג].

ten'ent *a.* (טענ'-ענט) וואס האלט; אין צאלאגיע — וואס איז געברויכט צום אנהאלטען זיך.

The feet of insects are provided with tenent bristles.

tenes'mic *a.* (טי-נעס'-מיק) וואס איז שייך צו שטוהל-צוואנג. ז. *tenesmus*.

tenes'mus *n.* (טי-נעס'-מאס) דער שטוהל-צוואנג [א קראנקהאפטע נייגונג אפט צו האבען שטוהל-גאנג אדער משתין צו זיין, כאטש מען קען עס ניט טהאן אדער מען קען עס זעהר וועניג טהאן].

ten'et *n.* (טענ'-עט) א גרונדזאץ, א פרינציפ, א רעגעל, א כלל, א דאגמא.

ten'fingers *n.* (טענ'-פינ-גערז) א שטערן-פיש מיט צעהן שטראהלען. ז. *starfish*.

ten'fold *a. and adv.* (טענ'-פאולד) צעהנפאך; צעהן מאל אזוי פיעל.

ten'-for'ties *n.* (טענ'-פאהר'-טיז) אזעלכע פינף-פראצענטיגע רעגיערונגס-אקציעס איז די פעראייניגטע שטאאטען, ארויסגעלאזען אין יאהר 1864.

ten'-for'ty bonds (טענ'-פאהר'-טי באנדז) ז. *ten-forties*.

te'nia *n.* (טיע'-ני-א) ז. *tænia*.

Tenn. [טע-נעסיע] אבקירצונג פון *Tennessee* — איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

ten'nantite *n.* (טענ'-ענט-איט) טענאנטיט [אזא גרויער אדער שווארצער מינעראל].

ten'ner *n.* (טענ'-ער) א צעהן-פונט אסיגנאציע [פאפיער-געלד אויף דער סומע פון צעהן ענגלישע פונט אדער אונגעפעהר פופציג דאלאר].

ten'nis *n.* (טענ'-איס) טענים [אזא באל-שפיעל וואס ווערט געשפיעלט אין א פערמאכטען פלאץ און אין וועלכער דער באל ווערט געווארפען מיט א נעץ-פערמיגער לאפעטקע].

ten'nis-arm *n.* (טענ'-איס-ארם) א נעלעהמטקייט אין דער האנד [ביי טענים-שפיעלער].

ten'nis-ball *n.* (טענ'-איס-באהל) א טענים-באל. ז. *tennis*.

ten'nis-court *n.* (טענ'-איס-קאורט) א טענים-הויף, א טענים-הויז, א פלאץ וואו מען שפיעלט טענים. ז. *tennis*.

ten'nis-el'bow *n.* (טענ'-איס-על'-באו) ז. *tennis-arm*.

ten'nis rack'et (טענ'-איס רעק'-עט) א טענים-שלאג-נעץ [אזא נעץ-עהנליכע לאפעטקע צום אבקלאפען דעם באל אין טענים-שפיעל]. ז. *tennis*.

ten'no *n.* (טענ'-או) דער הימלישער הערשער, דער אימפעראטאר [א טיטול פון יאפאנעזישען הערשער].

ten'-o'clock' *n.* (טענ'-א-קלאק') ז. *star-of-Bethlehem*.

tenog'raphy *n.* (טי-נאג'-רע-פי) בעשרייבונג פון קאסקע [צאפ] אדער פון די פלעקסע [זשילעס]. ז. *tendon*.

tenol'ogy *n.* (טי-נאל'-א-דושי) דער טייל פון אנאטאמיע, וואס בעשעפטיגט זיך מיט דער קאסקע [צאפ] אדער מיט די פלעקסען [זשילעס]. ז. *tendon*.

ten'on *n. and v.* (טענ'-אן) דער צאפען [אן ארויסשטארצענדער טייל פון א שטיק האלץ אדער אנדער מאטעריאל וואס פאסט זיך אריין אין דער אויסהויילונג פון אן אנדער שטיק]; צוזאמענשליסען; בעפעסטיגען מיט א צאפען.

ז. *mortise and tenon*.

ten'oner *n.* (טענ'-אן-ער) א צאפען-מאשין [א מאשין צו שניידען צאפענס]. ז. *tenon*.

ten'oning-machine' *n.* (טענ'-אנ-אינג-מע-שין') ז. *tenoner*.

tenoni'tis *n.* (טענ-א-נאי'-טיס) אזא אויגען-ענטצינדונג.

ז. *Tenon's capsule*.

ten'on-saw *n.* (טענ'-אן-סאה) א צאפען-זעג [צו שניידען צאפענס]. ז. *tenon*.

Ten'on's cap'sule (טענ'-אנז קעפ'-סיול) אזא הייטעל ארום דעם מיטעלטייל פון דעם אויג-אפעל.

ten'or *n. and a.* (טענ'-אר) 1. די אנגענומענע, געוועהנליכע אדער אלגעמיינע ריכטונג; 2. נעדאנקען-גאנג, געדאנקענריכטונג; אינהאלט, זין, בעדייטונג; 3. א ריכטיגע קאפיע; 4. א טענאר, א טענאר-שטימע, א טענאר-זינגער; א טענאר-אינסטרומענט [אן אינסטרומענט וואס שפיעלט די דריטע שטימע]; אן אינסטרומענט צווישען אלט און באס; אן אלט [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט]; 5. וואס איז שייך אדער בעלאנגט צו א טענאר.

1. Our stay in the country broke the even tenor of our life. 2. Emigration to the newly discovered America was greatly encouraged by the liberal tenor of the royal ordinances.

ten'or bell (טענ'-אר בעל) דער הויפט גלאק צווישען א רייהע גלעקער.

ten'or clef (טענ'-אר קלעף) אין מוזי-

זיק — דער מוזיק=שליסעל אויף דער דריטער שורה פון נאטען.

ten'or drum (טענ'-אר דראם) א ווירבעל=פויק.

tenori'no *n.* (טענ-א-ריע'-נא) א פאלצעט=טענאר=שטימע; א פאלשע אדער געמאכטע טענאר=שטימע; א פאלצעט=טענאר.

ten'orist *n.* (טענ'-אר-איסט) א טענאר, א טענאר=זינגער, א שפיעלער אויף א טענאר=אינסטרומענט.

tenor'rhaphy *n.* (טי-נאר'-ע-פי) ז. *tenosuture*.

ten'or vi'olin (טענ'-אר וואי'-א-לין) אן אלט [אזא מוזיקאלישער אינסטרומענט].

tenosi'tis *n.* (טענ-א-סאי'-טיס) ענטצינדונג פון דער קאסקע [צאפ] אדער פון א פלעקסע [א קאסקע=אדער, א קאסקע=פערבינדונג]. ז. *tendon*.

ten'osuture *n.* (טענ'-א-סיו-טשור) די צונויפנעהונג אדער צוזאמענפעסטיגונג פון קאסקע [צאפ].

ten'otome *n.* (טענ'-א-טאום) אין כירורגיע — א מעסערעל צו פאנאנדערשניידען קאסקע [צאפ].

tenot'omize *v.* (טי-נאט'-א-מאיז) פאנאנדערשניידען קאסקע [צאפ].

tenot'omy *n.* (טי-נאט'-א-מי) די צושניידונג אדער פאנאנדערטיילונג פון קאסקע [צאפ] אדער פון די פלעקסען [קאסקע=פערבינדונג]. ז. *tendon*.

ten'penny *a.* (טענ'-פען-אי) וואס איז ווערטה צעהן פענעס [אונגעפעהר 20 אמעריקאנער סענט].

ten'pins *n.* (טענ'-פינז) קעגעל=שפיעל מיט צעהן קעגלען.

ten'-poun'der *n.* (טענ'-פאונ'-דער) עטוואס וואס וועגט צעהן פונט; איינער וואס האט צעהן פונט סטערלינג יעהרליכע איינקינפטע; א באנק=בילעט פון צעהן פונט סטערלינג; אזא הערינג.

ten'rec *n.* (טענ'-רעק) אן איגעל אדער יאזשיק פון מאדאגאסקאר [דער גרויסער אינזעל וואס ליעגט אין מזרח=זייט פון צענטראל=אפריקא].

ten'-roomed *a.* (טענ'-רוהמד) מיט צעהן צימערען [וועגען א הויז].

tense *n.* and *a.* (טענס) אין גראמאטיק — דאס טעמפוס, די צייט; די פארם פון א צייטווארט, וועלכע דריקט אויס ו ע ן די האנדלונג אדער דער צושטאנד איז פארגעקומען [ווי למשל: "איך נעהם", "איך האב גענומען", "איך וועל נעהמען"]; אנגעצויגען; געשפאנט, שטייף, שטראם.

tense'less *a.* (טענס'-לעס) אהן שפאנונג, ניט שטייף אנגעצויגען.

tense'lessness *n.* (טענס'-לעס-נעס) דאס זיין אהן שפאנונג אדער ניט שטייף אנגעצויגען.

tense'ly *adv.* (טענס'-לי) שטייף אנגעצויגען, געשפאנט.

tense'ness *n.* (טענס'-נעס) אנגעצויגענקייט, געשפאנטקייט; שטייפקייט.

tensibil'ity *n.* (טענ-סי-ביל'-אי-טי) אנגעצויגענקייט, אויסגעצויגענקייט, שפאנבארקייט.

ten'sible *a.* (טענ'-סיבל) וואס קען אויסגעצויגען אדער אנגעצויגען ווערען; שפאנבאר.

ten'sile *a.* (טענ'-סיל) ז. *tensible*.

tensil'ity *n.* (טענ-סיל'-אי-טי) ז. *tensibility*.

ten'sion *n.* and *v.* (טענ'-שאן) אנציהונג, שפאנונג; אנשטרענגונג, אנשטרענגונגס=קראפט; דאס אנציהען, די אויסציהונג; אנגעצויגענקייט; א פארריכטונג אין א נעה=מאשין, דורך וועלכער דער פאדים איז אנגעצויגען; אנציהען, מאכען אנגעצויגען אדער אנגעשטרענגט.

ten'sional *a.* (טענ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו שפאנונג אדער אנגעשטרענגטקייט.

ten'sion-bar *n.* (טענ'-שאנ-באר) א שטאנג צו שאפען אדער צו פערהאלטען א שפאנונג.

ten'sion-mem'ber *n.* (טענ'-שאנ-מעמ'-בער) א שטאנג אין א ראהם אויפצונעהמען דעם דרוק אדער די שפאנונג וואס ווירקט אויף'ן ראהם.

ten'sion-rod *n.* (טענ'-שאנ-ראד) דער צוג=שטאנג [א שטאנג וואס ציהט צוזאמען די טיילען פון עפעס, ווי פון א וואגאן, געביידע א. ד. ג.].

ten'sion-roll'er *n.* (טענ'-שאנ-ראול'-ער) א שייבע אדער א רעדעל וואס דריקט אויף א טרייב=רימען פון א מאשין און האלט איהם אנגעצויגען.

ten'sity *n.* (טענ'-סי-טי) ז. *tenseness*.

ten'sive *a.* (טענ'-סיוו) אנשפאנענד; ציהענד; געשפאנט.

ten'son *n.* (טענ'-סאן) א קאנקורס אין דיכטונג אדער געזאנג צווישען צוויי טרובאדורען [ז. *troubadour*]; דאס געדיכט וואס דער טרובאדור דעקלאמירט אדער זינגט אין דעם קאנקורס.

ten'sor *n.* and *a.* (טענ'-סאר) אין אנאטאמיע — א שטרעק=מוסקול [א מוסקול וואס שטרעקט אויס אדער ציהט פאנאנדער א גליעדר]; וואס שטרעקט אדער ציהט פאנאנדער [וועגען געוויסע מוסקולען].

ten'-strike *n.* (טענ'-סטראיק) אין אמעריקאנער קעגעל=שפיעל — א קלאפ וואס ווארפט אנידער צעהן קעגלען; א טהאט אדער האנדלונג וואס איז פאלשטענדיג ערפאלגרייך.

tent *n.* and *v.* (טענט) א געצעלט, א ביידעל, א פאלאטקע; ביים פאטאגראפירען אויף'ן פרייען פעלד — אזא אפאראט וואס ווערט בענוצט אנשטאט דעם פינסטערען חדר אין א פאטאגראפישער סטודיא; אין כירורגיע — א שטיקעל מארלע אדער אן אנדער מאטעריאל וואס ווערט אריינגעשטעלט אין אן עפנונג אדער וואונד צו האלטען אפען א וואונד, אריינשטעקענדיג מאכען א געצעלט; לעבען אין א געצעלט: עקזאמענירען, אונטערזוכען [א וואונד]; האלטען אפען א וואונד, אריינשטעקענדיג אין איהר קארפיע אדער מארלע; אויסציהען [א שטיק לייווענד].



Tent

ten'tacle *n.* (טענ'-טעקל) אין זאאלאגיע — דער פיהל=הארן פון אן אינזעקט אדער ווייך=טהיער [די הערנדלעך, מיט וועלכע זיי פיהלען און טאפען]; עטוואס וואס איז עהנליך צו א פיהל=הערנדעל; א פיהלער.

ten'tacled *a.* (טענ'-טעקלד) וואס האט א פיהל=הארן. ז. *tentacle*.

tentac'ular *a.* (טענ-טעק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו א פיהל=הארן. ז. *tentacle*.

tentac'ulated *a.* (טענ-טעק'-יו-ליי-טעד) ז. *tentacular*.

tentac'uliform *a.* (טענ-טעק'-יו-לי-פארם) וואס האט די פארם פון א פיהל=הארן. ז. *tentacle*.

tentac'ulum *n.* (טענ-טעק'-יו-לאם) ז. *tentacle*.

tenta'tion *n.* (טענ-טיי'-שאן) דאס צופאסען א זאך נאך א רייהה פראבען און עקספערימענטען.

ten'tative *a.* and *n.* (טענ'-טע-טיוו) וואס איז געגרינדעט אויף פראבע אדער פערזוך; עקספערימענטאל, עמפיריש; א פראבע, א פערזוך; אן עקספערימענט.

ten'tatively *adv.* (טענ'-טע-טיוו-לי) דורך אויספרובירען, דורך פראבע; אויף אן עקספערימענטאלען שטייגער.

tent'-bed *n.* (טענט'-בעד) א געצעלט=בעט [א בעט מיט אן ארומגעהאנגענעם טוך אדער צייג]; א הימעל=בעט.

tent'-cat'erpillar *n.* (טענט'-קעט'-ער-פיל-אר) אזא אמעריקאנער זייד=וואַרים, וועלכער וועבט זיינע זייד=פעדים אויף צווייגלעך און בלעטלעך פון ביימער.

tent'-cloth *n.* (טענט'-קלאהטה) לייווענד, פון וועלכער מען מאכט געצעלטען.

ten'ted *a.* (טענ'-טעד) בעדעקט מיט געצעלטען אדער פאלאטקעס [ווי א לאגער].

ten'ter *n.* and *v.* (טענ'-טער) איינער וואס לעבט אין א געצעלט; א מאשין אדער ראהם אנצוציהען לייווענד אדער געוואנד, עס זאל זיך ניט איינקארטשען ביים טריקענען זיך; א האקען אנצוציהען לייווענד אדער געוואנד אויף א ראהם; איינע פון די קליינע פיהל=הערעלעך אויף דעם פוס פון א פליג; איינער וואס גיט אכטונג אויף די מאשינען אין א פאבריק; דער פארמאן אדער אויפזעהער אין א פאבריק; אנציהען לייווענד אדער געוואנד אויף א ראהם.

ten'ter-frame *n.* (טענ'-טער-פריים) א ראהם אויף וועלכען עס ווערט אנגעצויגען לייווענד אדער געוואנד צום טריקענען.

ten'ter-ground *n.* (טענ'-טער-גראונד) א פלאץ צום טריקענען טוך.

ten'ter-hook *n.* (טענ'-טער-הוק) א קרוטשאק אדער האקען אנצוציהען געוואנד אויף א ראהם צום טריקענען; עפעס וואס ציהט אן; א פייניגונגס=אינסטרומענט.

tent'-fly *n.* (טענט'-פלאי) די לייווענד, מיט וועלכער מען בעציהט א געצעלט.

tent'-guy *n.* (טענט'-גאי) א הילפס=שטריק צו פערפעסטיגען א געצעלט אין א שטורם.

tenth *a.* and *n.* (טענטה) וואס איז דער צעהנטער; א צעהנטעל; מעשר; א צעהנט=חלק פון די תבואות, וואס פלעגט אוועקגעגעבען ווערען דער קירך אדער דער רעגיערונג; אין מוזיק — דער צעהנטער טאן פון א גאמא.

tenth'ly *adv.* (טענטה'-לי) צעהנטענס.

ten'ting *n.* (טענ'-טינג) דאס אויסציהען לייווענד צום טריקענען.

tent'-ma'ker *n.* (טענט'-מיי'-קער) א געצעלט=מאכער; איינער וואס מאכט פאלאטקעס.

tent'-peg *n.* (טענט'-פעג) ז. *tent-pin*.

tent'-pin *n.* (טענט׳-פין) א געצעלט־פלעקעל, איינס פון די פלעקלעך וואס ווערען אריינגעשלאגען אין דער ערד און צו וועלכע עס ווערען צוגעפעסטיגט די שטריק פון געצעלט.

tent'-pole *n.* (טענט׳-פאול) א געצעלט־שטאנג [א שטאנג אדער פלאקען וואס דיענט אויפצוהאלטען א געצעלט].

ten'ture *n.* (טענ׳-טשור) ז. ***paper-hangings***.

tent'-wine *n.* (טענט׳-הוואין) אזא רויטער וויין פון גאליציען אדער מאלאגא [שפאניען].

tent'wise *adv.* (טענט׳-הוואיז) אין דער פארם פון א געצעלט.

tent'-work *n.* (טענט׳-הווארק) אזא האפטען אדער אויסנעהען, וואו די שטעך זיינען ניט געקרייצט, נאר זיי ליעגען זייט ביי זייט אין א דיאגאנאלער אדער שרעגער ריכטונג.

tenuifo'lious *a.* (טענ-יו-אי-פאו׳-לי-אס) אין באטאניק — מיט דינע אדער שמאלע בלעטער.

tenuiros'ter *n.* (טענ-יו-אי-ראס׳-טער) א פויגעל מיט א דינעם שנאבעל.

tenuiros'tral *a.* (טענ-יו-אי-ראס׳-טרעל) מיט א דינעם שנאבעל [ווי געוויסע פויגלען].

tenu'ity *n.* (טע-ניו׳-אי-טי) דינקייט, פיינקייט, שיטערקייט; איינפאכקייט, פראסטקייט.

ten'uous *a.* (טענ׳-יו-אס) דין, פיין, קליין; שיטער.

ten'uousness *n.* (טענ׳-יו-אס-נעס) דינקייט, פיינקייט; שיטערקייט.

ten'ure *n.* (טענ׳-יור) דאס בעזיצען פון לאנד אדער גיטער פאר געוויסע דיענסטע צום פעאדאלען הערשער; דער לענס־דיענסט צום פריץ פאר האלטען זיין לאנד; בעזיץ, די האלטונג פון לאנד אדער גיטער; די קוואליטעט פון א זאך אין בעצוג צו דער פראפארציאן פון די טיילען, פון וועלכע זי איז צוזאמענגעשטעלט.

tenu'to *a.* (טע-נוה׳-טא) אין מוזיק — אויסגעצויגען, אויסגעהאלטען דעם פולען טעמפ [וועגען טענער].

ten'zon *n.* (טענ׳-זאן) ז. ***tenson***.

teocal'li *n.* (טע-א-קעל׳-אי) אזא פיראמידען־פערמיגע געביידע וואס פלעגט דיענען אלס טעמפעל ביי די פארצייטיגע מעקסיקאנער.

te'opan *n.* (טי׳-א-פען) ז. ***teocalli***.

teosin'te *n.* (טע-א-סינ׳-טע) די טעאָ־סינטע [אזא מעקסיקאנער קוקורוזע־פלאנצע].

te'pee *n.* (טי׳-פיע) אן אינדיאנישער וויגוואם אדער ביידעל.

tepefac'tion *n.* (טעפ-אי-פעק׳-שאן) דאס מאכען לעבליך אדערווארעמליך.

tep'efy *v.* (טעפ׳-אי-פאי) ווערען לעבליך; מאכען לעבליך אדער ווארעמליך.

teph'ramancy *n.* (טעפ׳-רע-מענ-סי) דאס נביאות־זאגען פון די אש פון א פערברענטען קרבן.

teph'roite *n.* (טעפ׳-רא-איט) דער טעפראאיט [אזא מינעראל פון א אש־גרויען קאליר].

teph'romancy *n.* (טעפ׳-רא-מענ-סי) ז. ***tephramancy***.

tep'id *a.* (טעפ׳-איד) לעבליך, ווארעמליך.

tepida'rium *n.* (טעפ-אי-דיי׳-רי-אם) אין די אלט־רוימישע בעדער — דאס טעפידאריום [א צימער וואו עס איז מעסיג ווארעם, כדי צוצוגרייטען דעם קערפער צו דער הייסער באד].

tepid'ity *n.* (טי-פיד׳-אי-טי) לעבליכקייט, ווארעמליכקייט.

tep'idness *n.* (טעפ׳-איד-נעס) ז. ***tepidity***.

tep'or *n.* (טעפ׳-אר) לעבליכקייט; מעסיגע ווארעמקייט.

ter *adv.* (טויר) אין מוזיק — דריי מאל [ווערט בענוצט צו בעצייכנען, אז א געוויסעס שטיק דארף ווערעדערהאלט ווערען דריי מאל נאכאנאנד].

teramor'phous *a.* (טער-ע-מאהר׳-פאס) וואס האט די פארם אדער כאראקטער פון אן אוננארמאלער בעשעפעניש, פון א פערזועהעניש.

ter'aph *n.* (טער׳-עף) תרף, תרפים [איינער פון די הויז־געצען ביי די פארצייטיגע העברעער].

teratogen'ic *a.* (טער-ע-טא-דזשענ׳-איק) טעראטאגעניש, וואס איז שייך צו טעראטאגעניע. ז. ***teratogeny***.

teratog'eny *n.* (טער-ע-טאדזש׳-ע-ני) אין פאטאלאגיע — טעראטאגעניע, דאס געבעהרען פערזועהענישען אדער אוננארמאלע בעשעפענישען.

ter'atoid *a.* (טער׳-ע-טאיד) עהנליך צו אן אוננארמאלער בעשעפעניש אדער צו א פערזועהעניש.

teratolog'ic *a.* (טער-ע-טא-לאדזש׳-איק) ז. ***teratological***.

teratolog'ical *a.* (טער-ע-טא-לאדזש׳-אי-קעל) וואס איז שייך צו טעראטאלאגיע. ז. ***teratology***.

teratol'ogist *n.* (טער-ע-טאל׳-א-דזשיסט) א טעראטאלאגיסט, א קענער פון טעראטאלאגיע [ז. ***teratology***]; א ליעבהאבער פון מעשיות וועגען וואונדערליכע געשעהענישען.

teratol'ogy *n.* (טער-ע-טאל׳-א-דזשי) טעראטאלאגיע, די וויסענשאפט וועגען אוננארמאלע בעשעפענישען אדער פערזועהענישען ביי חיות און פלאנצען; א מעשה וואס איז פול מיט גוזמאות און אוננאטירליכע איבערטרייבונגען וועגען זאכען און פאסירונגען.

terato'ma *n.* (טער-ע-טאו׳-מא) א טעראטאמא, א געבארענע געשווילעכץ, וואס נעהמט אין זיך אריין פערשיעדענע קערפער־געוועב, ווי פון הויט, האר, צייהנער, מוסקולען, דריזען א. ז. וו., וועלכע אין א נארמאלען צושטאנד געפינען זיך ניט ארום דעם ארט פון דער געשווילעכץ.

teratom'atous *a.* (טער-ע-טאמ׳-ע-טאס) וואס האט דעם כאראקטער פון א טעראטאמא. ז. ***teratoma***.

ter'bium *n.* (טויר׳-בי-אם) טערביום, א זעלטענער נאך ניט גענוי־אויסגעשטודירטער כעמישער עלעמענט, וואס געפינט זיך אין איינינע זעלטענע מינעראלען.

terce *n.* (טוירס) א פליסיגקייטס־מאס, וואס ענטהאלט א דריטעל פון א פייפ [אונגעפעהר 40 גאלאן]; אין שאטלענדישער געזעצגעבונג — דאס רעכט פון אן אלמנה צו בעקומען יעהרליכע איינקינפטע פון א דריטעל פון דעם מאן׳ס פערמעגען; אין דער קאטוילישער און אנדערע קירכען — די תפילה פון דער דריטער שטונדע [איינע פון די תפילות וואס ווערען געזאגט צווישען זונען־אויפגאנג און מיטאג].

ter'cel *n.* (טויר׳-סעל) דער זכר פון א פאלק אדער סאקאל [אזא רויב־פויגעל].

tercen'tenary *a. and n.* (טויר-סענ׳-טע-נע-רי) וואס ענטהאלט דריי הונדערט יאהר; וואס איז שייך צו דעם משך פון דריי הונדערט יאהר; א דריי־הונדערט־יעהריגעם יובילעאום.

tercenten'nial *a. and n.* (טויר-סענ-טענ׳-אי-על) ז. ***tercentenary***.

ter'cer *n.* (טויר׳-סער) אן אלמנה, וואס האט א רעכט אויף די איינקינפטע פון א דריטעל פון דעם פערמעגען, וואס איהר מאן האט איבערגעלאזען בירושה.

ter'cet *n.* (טויר׳-סעט) אין מוזיק — די טערציע [דער דריטער טאן פון א גאמא]; אין פאעזיע — א גרופע פון דריי זיך גראמענדע שורות.

ter'ebinth *n.* (טער׳-אי-בינטה) דער טערפענטין־בוים [א קליין בוימעל מיט שטעכיגע בלעטער פון די הייסע און טרוקענע געגענדען אין דרום און אין מערב פון מיטעללענדישען ים].

terebin'thinate *a., v. and n.* (טער-אי-בינ׳-טהי-נייט) טערפענטין־האלטיג; וואס איז אנגעזאפט מיט טערפענטין; אנזאפען מיט טערפענטין; עפעס [ווי א רפואה] וואס איז געמאכט פון טערפענטין. ז. ***turpentine***.

terebin'thine *a.* (טער-אי-בינ׳-טהין) פון טערפענטין; טערפענטיניג; וואס איז שייך צום טערפענטין־בוים.

ter'ebra *n.* (טער׳-אי-ברא) ביי די פארצייטיגע רוימער — די טערעברא [א מאשין דורכצובויערען א לאך אין א פעסטונגס־וואנד]; ביי געוויסע אינזעקטען — דער שטאכעל־פערמיגער עק, מיט וועלכען זיי עגבערען דורך די קארע פון א פלאנצע אדער די פעל פון א חיה און לעגען דארט די אייעלעך.

ter'ebrate *a.* (טער׳-אי-בריט) וואס האט א שטאכעל־פערמיגען עק דורכצובויערען א לאך אין עפעס [ווי אינזעקטען].

terebra'tion *n.* (טער-אי-ברײ׳-שאן) דאס בויערען, דאס דורכבויערען; א דורכבויערונג; דאס דורכעגבערען אדער דורכשטעכען א לאך.

tere'do *n.* (טי-רי׳-דאו) דער עגבער־מושעל, אזא מושעל וואס עגבערט אויס לעכער און פערטיעפונגען אין האלץ [בעזונדערס אין שיפען].

terete' *a.* (טי-ריט׳) רונדיג, צילינדער־פערמיג.

ter'gal *a.* (טויר׳-געל) וואס איז שייך צום רוקען.

tergem'inate *a.* (טויר-דזשעמ׳-אי-נייט) דרייפאך, דרייפאלטיג; צונויפגעלעגט אין דרייען.

tergem'inous *a.* (טויר-דזשעמ׳-אי-נאס) ז. ***tergeminate***.

tergif'erous *a.* (טויר-דזשיפ׳-ע-ראס) וואס טראגט אויף׳ן רוקען.

ter'gite *n.* (טויר׳-דזשאיט) דער רוקען [פון אינזעקטען א. ד. ג.].

ter'giversate *v.* (טויר׳-דזשי-ווער-סייט) זיך אויסדרעהען מיט א תירוץ, זוכען תירוצים.

tergiversa'tion *n.* (טויר-דזשי-ווער-סיי׳-שאן) דאס ארויסדרעהען זיך [ווי פון א פערפליכטונג]; א קונץ אדער שווינדעל זיך ארויסצודרעהען; דאס אבווענדען זיך פון א זאך, צו וועלכער מען איז פריהער געווען איבערגעגעבען.

ter'giversator *n.* (טויר׳-דזשי-ווער-סיי-טאר) איינער וואס דרעהט זיך אויס פון עפעס מיט א תירוץ אדער שווינדעל.

ter'gum *n.* (טויר׳-גאם) דער רוקען פון א בעשעפעניש [בעזונדערס פון געוויסע אינזעקטען].

term *n. and v.* (טוירם) א טערמין, א

ווארט אדער אויסדרוק וואס ווערט בעצוצט אייסצודריקען א בעשטימטען בעגריף אדער זאך; א טעכנישעס ווארט [ווי פון א וויסענשאפט, פון א פאך]; אין לאגיק — א ווארט אדער א פערבינדונג פון ווערטער וואס דיענען צו בעצייכענען דעם סוביעקט אדער דעם פרעדיקאט פון א זאץ; איינער פון די דריי גרונד-עלעמענטען פון א סילאגיזם [ווי די ווערטער: "מענש", "ראובן" און "שטערבליך" אין דעם סילאגיזם: "יעדער מענש איז שטערבליך; ראובן איז א מענש; פאלגליך, ראובן איז שטערבליך"]; א טערמין, א סראק, א פעסטגעזעצטע צייט; אין אוניווערזיטעטען און שולען — א זמן, א סעזאן, א סעמעסטער [א בעשטימטע צייט, אין וועלכער מען געהט דורך א געוויסען קורס פון למודים]; די צייט פון יאהר ווען דאס העכערע געריכט פון א לאנד אדער בעצירק האלט זיינע זיצונגען; א טערמין, א בעשטימטער טאג [פאר אבצאהלען א חוב, ערפילען א פערפליכטונג א. ד. ג.]; די מענסטרואציאנס-צייט ביי פרויען; א גרענעץ, דער ענדונגס-פונקט, די פערענדיגונג פון עפעס; די גרענעץ-ליניע; אין געאמעטריע — דאס וואס בעגרענעצט אדער פערענדיגט א ליניע, א פלעכע אדער אן אומפאנג [ווי פונקטען בעגרענעצען אדער פערענדיגען א ליניע, ליניען בעגרענעצען אדער פערענדיגען א פלעכע א. ז. וו.]; אין אלגעברא — א טייל פון אן אלגעבראאישער צאהל, וועלכער איז פערבונדען מיט די אנדערע טיילען דורך א צייכען + אדער —; בעשטימען מיט א נאמען, ערנענען, אנרופען, בעצייכנען.

ter'magancy *n.* (טויר'-מע-גענ-סי) אונרוהיגקייט; ווילדקייט; העפטיגקייט; די נאטור זיך צו קריגען.

ter'magant *n. and a.* (טויר'-מע-גענט) אן ארורה, א סעדיכע, א פרוי וואס האט זיך ליעב ארומצוקריגען; ליארמענד, אונרוהיג; צאנקזיכטיג.

Ter'magant *n.* (טויר'-מע-גענט) אין די מיטעלאלטערליכע פאבעלען פון די אייראפעאישע פעלקער — טערמאגאנט [א ביי־זער גאט צו וועלכען די מאכמעדאנער האבען כלומרשט געדיענט].

ter'magantly *adv.* (טויר'-מע-גענט-לי) ליארמענדיג, וויטהענדיג, מיט גרויס ליארם אדער טומעל, מיט דונערען און בליצען; זיך קריגענדיג; ווי אן ארורה.

term'-day *n.* (טוירמ'-דיי) א פעסטגעזעצטער אדער בעשטימטער טאג; דער טערמין אדער צאהלונגס-טאג [פאר א וועקסעל א. ד. ג.]; איינער פון די טעג, וואס ווערען בעשטימט פאר ספעציעלע מעטעאראלאגישע און אנדערע בעאבאכטונגען אין פערשיעדענע פונקטען פון לאנד].

ter'mer *n.* (טויר'-מער) א פאכטער אויף א צייט; איינער וואס האלט אב א געריכטס-סעסיע, וועלכע קומט פאר אין א בעשטימטער צייט פון יאהר.

term'-fee *n.* (טוירמ'-פיע) דאס האנאראר וואס א קליענט צאהלט זיין אדוואקאט פאר יעדעס מאל וואס זיין פראצעס קומט פאר אין געריכט.

ter'minable *a.* (טויר'-מי-נעבל) בעגרענצבאר, וואס קען בעגרענצט ווערען; וואס קען קומען צו אן ענד.

ter'minableness *n.* (טויר'-מי-נעבל-נעס) בעגרענצבארקייט; דאס קענען בעגרענעצט ווערען; דאס קענען קומען צו אן ענד.

ter'minal *a. and n.* (טויר'-מי-נעל) גרענצענד, ענדיגענד; וואס געפינט זיך אם ענדע; אין באטאניק — וואס וואקסט אויף'ן ענד פון א צווייג אדער שטענגעל; אין לאגיק — וואס איז שייך צו א טערמין [דאס ווארט וואס בעצייכענט דעם סוביעקט אדער פרעדיקאט פון א זאץ]; אין אנאטאמיע — וואס פערענדיגט א געוויסען קערפער-טייל; אן ענד; דער לעצטער פונקט פון עפעס [ווי פון אן אייזענבאהן].

Termina'lia *n.* (טויר-מי-ניי'-לי א) ביי די פארצייטיגע רוימער — די טערמינאליען [א יעהרליכער יום-טוב לכבוד טערמינוס, דעם גאט פון גרענעצען. ז. *Terminus*].

ter'minally *adv.* (טויר'-מי-נעל-אי) ביים סאמע ענד.

ter'minal ped'estal (טויר'-מי-נעל פעד'-עס-טעל) א מין פעדעסטאל [ז. *pedestal*], וועלכער ווערט אלץ שמעלער צום אונטען-צו.

ter'minal sta'tion (טויר'-מי-נעל סטיי'-שאן) דער הויפט-וואקזאל [אין אנהויב אדער סוף פון אן אייזענבאהן-ליניע]; די ערשטע אדער לעצטע סטאנציע.

ter'minate *v. and a.* (טויר'-מי-נייט) בעגרענצען; ענדיגען; פערענדיגען; זיך ענדיגען; אויפהערען; בעגרענצבאר; וואס קען זיך ענדיגען.

termina'tion *n.* (טויר-מי-ניי'-שאן) 1. די בעגרענצונג; 2. די פערענדיגונג; 3. דער ענד, דער סוף; 4. אין גראמאטיק — די ענדונג פון א ווארט; 5. דער שלום, דער רעזולטאט.

2. Thursday was set for the **termination** of the debate. 5. The affair was brought to a happy **termination**.

termina'tional *a.* (טויר-מי-ניי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו אן ענדונג [בעזאנדערס פון א ווארט].

ter'minative *a.* (טויר'-מי-נע-טיוו) פערענדיגענד, שליסענד; דעפיניטיוו, בעשטימט, אבסאלוט.

ter'minatively *adv.* (טויר'-מי-נע-טיוו-לי) אויף א שליסענדען, פערענדיגענדען שטייגער; פאזיטיוו, אבסאלוט.

ter'minator *n.* (טויר'-מי-ניי-טאר) איינער אדער עפעס וואס פערענדיגט אדער בעשטימט; אין אסטראנאמיע — די ליניע וואס טיילט אב דעם בעלויכטענעם טייל פון דעם אונבעלויכטענעם פון א הימלישען קערפער.

ter'minatory *a.* (טויר'-מי-ניי-טא-רי) בעגרענצענד; בעשטימענד.

ter'miner *n.* (טויר'-מי-נער) דאס בעשטימען, דאס ענטשיידען.

ter'minism *n.* (טויר'-מי-ניזם) טערמיניזם [אין לאגיק — די טעאריע, אז אלע פראבלעמען פון דער לאגיק זיינען איינפאך פראגען פון טערמינען און פון דער שפראך; אין טעאלאגיע — די לעהרע, אז גאט בעשטימט פון אנפאנג פאר יעדען מענשען א צייט פאר תשובה טהאן אויף זיינע זינד, און נאך דיעזער צייט קען ער זיך שוין מעהר ניט העלפען].

ter'minist *n.* (טויר'-מי-ניסט) א טערמיניסט, אן אנהענגער פון טערמיניזם. ז. *terminism*.

terminolog'ical *a.* (טער-מי-נא-לאדזש'-אי-קעל) טערמינאלאגיש; וואס איז שייך צו טערמינאלאגיע. ז. *terminology*.

terminolog'ically *adv.* (טער-מי-נא-לאדזש'-אי-קעל-אי) בנוגע צו טערמינאלאגיע. ז. *terminology*.

terminol'ogy *n.* (טויר-מי-נאל'-א-דזשי) טערמינאלאגיע, די סיסטעם פון טערמינען און אויסדריקע וואס ווערען געברויכט אין א בעשטימטען פאך פון דער וויסענשאפט, טעכניק אדער קונסט; די לעהרע וועגען טעכנישע טערמינען אדער ווערטער.

ter'minus *n.* (טויר'-מי-נאס) די גרענעץ פון עפעס; דער סמן וואס בעצייכענט א גרענעץ; די פערבינדונג, דער ענד; דאס באהנהויף אדער וואקזאל אויף דעם ענד-פונקט פון אן אייזענבאהן; א פיערעקיגער סלופ, וואס פערענדיגט זיך פון אויבען מיט אן אויסגעשניצטער פיגור פון א מענשען.

Ter'minus *n.* (טויר'-מי-נאס) אין דער אלט-רוימישער מיטאלאגיע — טערמינוס, דער גאט פון גרענעצען [טערמינוס איז געווען פארגעשטעלט מיט א מענשליכען קאפ, נאר אהן הענד און פיס, און דאס האט אויסגעדריקט דעם געדאנק, אז ער רוקט זיך קיינמאל ניט פון ארט, וועלכען ער פערנעהמט].

termita'rium *n.* (טויר-מי-טיי'-רי-אם) א נעסט פון טערמיטען אדער ווייסע מוראשקעס; א ספעציעלע כלי צו האלטען טערמיטען, כדי צו שטודירען זייערע געוועהנהייטען.

ter'mitary *n.* (טויר'-מי-טע-רי) ז. *termitarium*.

ter'mite *n.* (טויר'-מאיט) א טערמיט, א ווייסע מוראשקע [איינער פון א מין אינזעקטען על פי רוב פון די טראפישע לענדער, וועלכע לעבען אין געזעלשאפטען און טיילען זיך אויף "סאלדאטען" און "ארבייטער". זייערע נעסטען בויען זיי פון זאמד און ליים אין דער פארם פון פיראמידען, וועלכע דערגרייכען אפט די הויך פון 28 פוס].

ter'mitine *a. and n.* (טויר'-מי-טין) עהנליך צו א טערמיט; א טערמיט אדער ווייסע מוראשקע.

ter'mitophile *n.* (טויר'-מי-טא-פיל) אן אינזעקט וואס לעבט אין א נעסט פון טערמיטען אדער ווייסע מוראשקעס. ז. *termite*.

term'less *a.* (טוירמ'-לעס) אונבעגרענצט, גרענצלאז.

term'ly *a. and adv.* (טוירמ'-לי) וואס קומט פאר אדער וואס ווערט געצאהלט יעדען טערמין; לויט יעדען טערמין, ביי יעדען טערמין.

ter'mor *n.* (טויר'-מאר) א פאכטער אויף א צייט; איינער וואס נעהמט לאנד אדער א הויז אין ארענדע אויף א בעשטימטער צייט.

terms *n.* (טוירמז) 1. די תנאים; די בעדינגונגען [פון אן אבמאך אדער פון א פשרה]; 2. געגענזייטיגע בעציהונגען, געגענזייטיגע פערהעלטניסע; 3. די לאגע, דער צושטאנד.

1. He offered board and lodging on reasonable **terms**. 2. We were on good **terms**.

tern *a. and n.* (טוירן) דרייפאך, דרייפאכיג; עפעס וואס בעשטעהט פון דריי בעזונדערע זאכען אדער צאהלען; די ים-שוואלב [א מין קליינע מעווע אדער טשאיקע עהנליך צו א שוואלב].

ter'nal *a.* (טויר'-נעל) דרייפאך, דרייפאכיג.

ter'nary *a. and n.* (טויר'-נע-רי) וואס בעשטעהט פון דריי; די צאהל דריי; א גרופע פון דריי.

ter'nate *a.* (טויר'-נייט) וואס איז קלא־

סיפיצירט אדער איינגעארדענט אין דריי; וואס בעשטעהט פון דריי [ספעציעל וועגען בלעטער פון געוויסע פלאנצען].

Ternate Leaf

ter'nately *adv.* (טויר'-נייט-לי) אויף א דרייענדיגען שטייגער; אזוי, עס זאל זיך אויסבילדען א גרופע פון דריי.

terne'-plate *n.* (טוירנ'-פלייט) א צינ-נענע פלאטע וואס האט אין זיך א גרויסע פראצענט בליי.

ter'nery *n.* (טויר'-נער-אי) א פלאץ וואו עס האלטען זיך אויף אין א גרויסער צאהל ים-שוואלבען. ז. ***tern***.

terpo'dion *n.* (טער-פאו'-די-אן) א מין מוזיקאלישער אינסטרומענט, ביי וועלכען די טענער בעקומען זיך פון רייבונג צווישען הילצערנע קלעצעלעך.

Terpsichore

Terpsich'ore *n.* (טוירפ-סיק'-א-רי) אין דער קלאסישער מיטאלאגיע—טערפסיכארע, די מוזע פון טאנצען און פון כאר-געזאנג.

terpsichore'an *n.* (טוירפ-סי-קא-רי'-ען) א טענצער.

Terpsichore'an *a.* (טוירפ-סי-קא-רי'-ען) טערפסיכאריש, וואס איז שייך צו טערפסיכארע [די מוזע פון טאנצען און פון כאר-געזאנג].

ter'ra *n.* (טער'-א) ערד; די ערד.

ter'race *n. and v.* (טער'-עס) א טעראסע, א הויכע פלעכע [א הויכער און פלאכער ארט]; אן ערד-וואל מיט א האריזאנטאלער פלעכע; אין געאלאגיע — א הויכער און פלאכער ברעג פון ים, פון א טייך א. ד. ג.; א פלאכער דאך פון א הויז [ווי אין די אריענטאלישע געביידען]; א געוויסער זארט מארמאר; אויסבילדען א טעראסע; צובויען א טעראסע [אן אפענע גאלעריי].

ter'ra-cot'ta *n.* (טער'-א-קאט'-א) טעראקאטא, קינסטלערישע וואזען, סטאטועטקעס, פריזען און ארנאמענטען, וואס ווערען געמאכט פון הארטע איבערגעברענטע ליים; א טעראקאטא-ארטיקעל, א קונסט-זאך.

ter'rage *n.* (טער'-עדזש) אין דער אלט-ענגלישער געזעצגעבונג — א געוויסע סומע וואס ווערט געצאהלט דעם אייגענטימער פון א שטיק לאנד פאר א ספעציעלער ערלויבניש צו בענוצען עס פאר געוויסע צוועקען; א קליין בערגעל ערד.

terrain' *n.* (טע-ריין') א בעגרענצטער שטח לאנד; א בעצירק, א דיסטריקט.

ter'ra incog'nita (טער'-א אין-קאג'-ני-טא) אן אונבעקאנטער געביעט.

ter'rane *n.* (טער'-איין) ז. ***tarrain***.

terra'nean *a.* (טע-ריי'-ני-ען) ערדיש, וואס איז שייך צו דער ערד, וואס געפינט זיך אויף דער ערד.

terra'neous *a.* (טע-ריי'-ני-אס) אין באטאניק — וואס וואקסט אויף דער ערד.

ter'rapin *n.* (טער'-ע-פין) דער טעראפין, א מין שילדקראט אדער טשערעפאכע; א געריכט געמאכט פון טעראפין-פלייש.

terra'quean *a.* (טע-ריי'-קהווי-ען) ז. ***terraqueous***.

terra'queous *a.* (טע-ריי'-קהווי-אס) וואס בעשטעהט פון לאנד און וואסער [ווי דער ערד-קוגעל].

terra'rium *n.* (טע-ריי'-רי-אם) א טעראריום, א פלאץ וואו עס ווערען געהאלטען חיות וואס לעבען אויף דער יבשה [ווי אן אקוואריום איז דער פלאץ וואו מען האלט וואסער-בעשעפענישען].

terrene' *a.* (טע-רין') ערדיש, וואס איז שייך צו דער ערד.

terre'-plein *n.* (טעהר'-פליין) אין פארטיפיקאציאן—דער וואל-גאנג, די האריזאנטאלע אויבערפלעכע פון א פעסטונגס-וואל, אויף וועלכער עס ווערען אויסגעשטעלט די הארמאטען.

terres'trial *a. and n.* (טע-רעס'-טרי-על) ערדיש; וואס איז שייך צו דער ערד; וואס שטעלט מיט זיך פאר די ערד [ווי א גלאבוס]; אין ביאלאגיע — וואס לעבט אויף דער יבשה, ניט אין וואסער [וועגען פלאנצען און חיות].

terres'trially *adv.* (טע-רעס'-טרי-על-אי) אויף אן ערדישען שטייגער; געפינענדיג זיך אויף דער ערד.

terres'trial mag'netism (טע-רעס'-טרי-על מעג'-נע-טיזם) דער ערדישער מאגנעטיזם [די מאגנעטישע איינגעשאפט פון דעם ערד-קוגעל, צוליעב וועלכער איין שפיץ פון א מאגנעט-נאדעל ווערט אימער געריכטעט צו צפון און דער אנדערער שפיץ צו דרום].

terres'trialness *n.* (טע-רעס'-טרי-על-נעס) דאס זיין ערדיש; ערדישקייט.

ter'ret *n.* (טער'-עט) איינער פון די צוויי רינגען אויף דער סעדעלקע [דער קליינער זאטעל וואס טהוט זיך אן אויף א פערד אין געשפאן], דורך וועלכע עס ציהען זיך דורך די לייצעס.

terre'-ten'ant *n.* (טעהר'-טענ'-ענט) א לאנד-האלטער, א בעזיצער פון א לאנדגוט.

ter'rible *a.* (טער'-איבל) שרעקליך, פורטבאר, מורא'דיג.

ter'ribleness *n.* (טער'-איבל-נעס) שרעקליכקייט, פורכטבארקייט, מורא'דיגקייט.

ter'ribly *adv.* (טער'-אי-בלי) אויף א שרעקליכען, פורכטבארען אדער מורא'דיגען שטייגער.

ter'ricole *a.* (טער'-אי-קאול) וואס וואקסט אויף דער ערד [הויפטזעכליך וועגען געוויסע מינים לישאיען. ז. ***lichen***].

terric'oline *a.* (טע-ריק'-א-לין) ז. ***terricolous***.

terric'olous *a.* (טע-ריק'-א-לאס) ערדיש, וואס לעבט אויף דער ערד [ניט אין דער לופט און ניט אין וואסער]; וואס וואקסט אויף דער ערד [ז. ***terricole***].

ter'ridam *n.* (טער'-אי-דעם) אזא באוועל-צייג.

ter'rier *n.* (טער'-אי-ער) א טעריער, א דאקס-הונד [אזא יאגד-הונד]; א גרונט-בוך [א בוך ביי די פארצייטיגע לאנד-הערען אין וועלכען עס זיינען געווען אריינגעטראגען די נעמען פון די לאנד-פעכטער און די בעדינגונגען אונטער וועלכע זיי האבען געהאלטען דאס לאנד; א בוך אדער ליסטע מיט פערצייכנונגען וועגען דעם גרונט-אייגענטום פון פריוואט-פערזאנען און קארפאראציאנען].

terrif'ic *a.* (טע-ריף'-איק) שרעקליך, פירכטערליך, מורא'דיג.

terrif'ical *a.* (טע-ריף'-אי-קעל) ז. ***terrific***.

terrif'ically *adv.* (טע-ריף'-אי-קעל-אי) אויף א שרעקליכען, פירכטערליכען, מורא'דיגען אופן.

ter'rifiedly *adv.* (טער'-אי-פאיד-לי) מיט דערשראקענהייט, דערשראקען.

ter'rify *v.* (טער'-אי-פאי) דערשרעקען, אנווארפען א מורא.

terrig'enous *a.* (טע-רידזש'-ע-נאס) געבארען פון דער ערד, ארויסגעגעבען אדער פראדוצירט פון דער ערד.

terrine' *n.* (טע-ריען') א טעריין, א זופ-שיסעל, א יויך-שיסעל מיט א דעקעל; אזא צוגעדעקטע שיסעל צו האלטען שפייזען.

ter'rit *n.* (טער'-איט) ז. ***terret***.

territo'rial *a.* (טער-אי-טאו'-רי-על) טעריטאריאל, וואס איז שייך צו א טעריטאריע [א לאנד, א געגענד, א לאנד-בעצירק]; וואס איז שייך צו לאנד.

territo'rialism *n.* (טער-אי-טאו'-רי-על-איזם) ז. ***territorial system***.

Territo'rialism *n.* (טער-אי-טאו'-רי-על-איזם) טעריטאריאליזם [די בעוועגונג צו בעזעצען די אידען אויף אן אייגענער טעריטאריע, די בעוועגונג צו שאפען אן אייגענעם לאנד פאר די אידען].

Territo'rialist *n.* (טער-אי-טאו'-רי-על-איסט) א טעריטאריאליסט, אן אנהענגער פון טעריטאריאליזם. ז. ***Territorialism***.

territorial'ity *n.* (טער-אי-טאו-רי-על'-אי-טי) דער בעזיץ פון א טעריטאריע, די הערשאפט איבער א טעריטאריע [א לאנד, א לאנד-בעצירק, א געגענד].

territo'rialize *v.* (טער-אי-טאו'-רי-על-איז) פערגרעסערען די טעריטאריע, פערגרעסערען א לאנד דורך נייער טעריטאריע; מאכען פאר א טעריטאריע [ז. ***Territory***].

territo'rially *adv.* (טער-אי-טאו'-רי-על-אי) טעריטאריאל, אין בעצוג צו טעריטאריע אדער לאנד.

territo'rial sys'tem (טער-אי-טאו'-רי-על סיס'-טעם) די טעריטאריאלע סיסטעם [די סיסטעם פון קירכען-פערוואלטונג, אין וועלכער די אויבערמאכט איבער די רעליגיעזע ענינים פון פאלק בעלאנגט צום וועלטליכען הערשער].

ter'ritoried *a.* (טער'-אי-טא-ריד) וואס בעזיצט טעריטאריע [לאנד].
His is an extensively territoried domain.

ter'ritory *n.* (טער'-אי-טא-רי) א טעריטאריע, א לאנד, א לאנד-בעצירק, א געגענד, לאנד.

Ter'ritory *n.* (טער'-אי-טא-רי) א טעריטאריע [אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א טייל פון לאנד אונטער דער קאנטראל פון דער פעדעראלער רעגירונג, וואס האט נאך ניט די פריווילעגיעס פון א שטאאט און קען ווערען א שטאאט אונטער געוויסע בעדינגונגען].

ter'ror *n.* (טער'-אר) טעראר, פורכט, שרעק, מורא; א שרעק, א שרעקליכע זאך;

איינער אדער עטוואס וואסווארפט אן א שרעק.

terrorisa'tion *n.* (טער-אר-אי-זיי'-שאן) ז. ***terrorization***

ter'rorise *v.* (טער'-אר-איז) ז. ***terrorize***

ter'roriser *n.* (טער'-אר-אי-זער) ז. ***terrorizer***

ter'rorism *n.* (טער'-אר-איזם) טעראריזם, שרעקענס-הערשאפט, געברויך פון שרעקענס-מיטלען אדער גוואלד-מיטלען.

ter'rorist *n.* (טער'-אר-איסט) א טעראריסט, אן אנהענגער פון טעראריזם, א רעוואלוציאנער וואס געברויכט גוואלד-מיטלען אדער שרעקענס-מיטלען.

terroris'tic *a.* (טער-א-ריס'-טיק) טעראריסטיש. ז. ***terrorist***

terroriza'tion *n.* (טער-אר-אי-זיי'-שאן) טעראריזירונג, דאס אנווארפען א שרעק, געברויך פון גוואלד-מיטלען אדער שרעקענס-מיטלען.

ter'rorize *v.* (טער'-אר-איז) טעראריזירען, אנווארפען א שרעק, געברויכען שרעקענס-מיטלען אדער גוואלד-מיטלען.

ter'rorizer *n.* (טער'-אר-אי-זער) איינער וואס טעראריזירט, איינער וואס ווארפט אן א שרעק דורך גוואלד-מיטלען אדער שרעקענס-מיטלען, איינער וואס געברויכט גוואלד-מיטלען אדער שרעקענס-מיטלען.

ter'rorless *a.* (טער'-אר-לעס) אהן שרעק, אהן פורכט, אהן מורא; אונשעדליך, וואס קען ניט אנווארפען קיין שרעק.

ter'ror-smit'ten *a.* (טער'-אר-סמיט'ן) ז. ***terror-stricken***

ter'ror-strick'en *a.* (טער'-אר-סטריק'ן) געטראפען פון שרעק, ארומגעכאפט פון שרעק, דערשראקען.

ter'ror-struck *a.* (טער'-אר-סטראק) ז. ***terror-stricken***

ter'ry *n.* (טער'-אי) אזא געריפטעס סאמעט-ענליכעס וואלען אדער זיידען-צייג.

ter'ry ap'ple (טער'-אי עפל) אזא עפעל. ז. איל ***"Cultivated Fruits"***

ter'ry vel'vet (טער'-אי וועל'-וועט) ניט געשארענער סאמעט.

terse *a.* (טוירס) נעט, פינקטליך, געניי; עלעגאנט.

terse'ly *adv.* (טוירס'-לי) מיט פינקטליכקייט אדער גענויקייט; אויף א נעטען אדער עלעגאנטען שטייגער.

terse'ness *n.* (טוירס'-נעס) נעטקייט, פינקטליכקייט, גענויקייט; עלעגאנטקייט.

ter'sion *n.* (טויר'-שאן) רייבונג; רייניגונג.

ter'-ten'ant *n.* (טויר'-טענ'-ענט) ז. ***terre-tenant***

ter'tial *a. and n.* (טויר'-שעל) וואס איז שייך צו דער דריטער, אונטערשטער רייהע פון די שוואונג-פעדערען אדער פליה-פעדערען פון א פויגעל'ס פליגעל; א שוואונג-פעדער פון דער דריטער, אונטערשטער רייהע.

ter'tian *a. and n.* (טויר'-שען) דרייטעגיג; וואס קומט פאר יעדען דריטען טאג; דאס דרייטעגיגע פיבער, קדחת שלישית; א פיבער אדער אנדער קראנקהייט וואס בעגייט זיך יעדען דריטען טאג.

ter'tiary *a. and n.* (טויר'-שי-ע-רי) טערטיער, וואס קומט צום דריטען, פון דריטען ראנג, שטופע אדער פארמאציאן; איינער אדער עטוואס וואס קומט צום דריטען אין ארדנונג, רייהע אדער פארמאציאן; אן אונטערשטער שוואונג-פעדער [גרויסער פעדער] אין א פויגעל'ס פליגעל; א טערטיערער קאליר [א פארב וואס קומט פון דער צוזאמענמישונג פון צוויי סעקונדערע פארבען. ז. ***secondary color***].

Ter'tiary *n. and a.* (טויר'-שי-ע-רי) אין געאלאגיע — די טערטיער-צייט, די דריטע פעריאדע אין דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון דער ערד [דיעזע פעריאדע האט געדויערט מיליאנען יאהרען, און אין פערלויף פון דיעזער צייט זיינען ביסלעכווייז אויסגעשטארבען די עלטעסטע מינים חיות און פלאנצען און עס האבען גענומען זיך ענטוויקלען בעשעפענישען, וועלכע זיינען מעהר ענליך צו די מינים פון היינטיגער צייט. אין די לעצטע עפאכען פון דיעזער פעריאדע האט אנגעהויבען ערשיינען אויך דער מענשליכען מין]; וואס איז שייך צו דער טערטיער-צייט.

ter'tiary col'or (טויר'-שי-ע-רי קאל'-אר) א טערטיערער קאליר [א פארב געבילדעט דורך דער צוזאמענמישונג פון צוויי סעקונדערע פארבען]. ז. ***secondary color***

ter'tiary feath'er (טויר'-שי-ע-רי פעטה'-ער) א טערטיערער [אונטערשטער] שוואונג-פעדער [גרויסער פעדער] פון א פויגעל'ס פליגעל.

ter'tiary syph'ilis (טויר'-שי-ע-רי סיפ'-אי-ליס) די דריטע לעצטע ענטוויקלונגס-שטופע פון סיפילים [אין וועלכער די קראנקהייט איז שוין ניט אנשטעקענד].

ter'tiate *v.* (טויר'-שי-אייט) טהאן עפעס צום דריטען מאל; פרובירען די מעטאל-שטארקייט פון א קאנאנע.

ter'tium quid (טויר'-שי-אם קהוויד) עטוואס וואס שטעהט אין מיטען פון צוויי גענצליך ענטגעגענגעזעצטע זאכען; עטוואס וואס איז ניט גייסט און ניט שטאף; א בעגריף וואס קומט ניט אין גאנצען פון ערפאהרונג און איז ניט קיין ריינע אבסטראקציאן.

ter'za-ri'ma *n.* (טער'-טסא-רי'-מא) א טערצינע [א פארם פון יאמבישע פערזען ביי די פארצייטיגע איטאליענישע דיכטער. די שורות זיינען בעשטאנען פון צעהן אדער עלף זילבען און זיינען געווען איינגעטיילט אין סעריעס פון דריי. דאנטע'ס "געטליכע קאמעדיע" איז געשריבען אין טערצינע].

terzet'to *n.* (טער-טסעט'-או) א טערצעט [א מוזיקאלישע קאמפאזיציאן פאר דריי שטימען; א כאר פון דריי שטימען].

tessara'ce *n.* (טעס-ע-ריי'-סיע) א פיער-פלעכיגער אויבער-טייל אדער שפיץ.

tessaradec'ad *n.* (טעס-ע-רע-דעק'-עד) א גרופע פון פיערצעהן.

tessarescædecahe'dron *n.* (טעס-ע-רעס-אי-דעק-ע-היע'-דראן) א פיערצעהן-פלעכיגער קערפער.

tessel'la *n.* (טע-סעל'-א) ז. ***tessera***

tes'sellar *a.* (טעס'-ע-לאר) מאזאאיק-פערמיג, שאך-ברעט-פערמיג, אויסגעלעגט פון קליינע קוואדראטע קלעצלעך, געקעסטעלט.

tes'sellate *v. and a.* (טעס'-ע-לייט) אויסלעגען אין דער פארם פון מאזאאיק, אויסלעגען פון בעזונדערע ברעטעלעך אדער קלעצלעך; מאכען געקעסטעלט.

tes'sellated *a.* (טעס'-ע-ליי-טעד) מאזאאיק-ענליך, שאך-ברעט-ענליך, צוזאמענגעשטעלט פון בעזונדערע קלעצלעך אדער ברעטעלעך; געקעסטעלט.

tessella'tion *n.* (טעס-ע-ליי'-שאן) מאזאאיק, אויסלעגונג מיט פערשיעדענע קלעצלעך אדער ברעטעלעך.

tes'sera *n.* (טעס'-ע-רא) א מאזאאיק-ברעטעל, א קלעצעל אדער ברעטעל צום אויסלעגען מאזאאיק-דילען; א ווירפעל [צום שפיעלען]; א בילעט אדער אנווייזונג ביי די פארצייטיגע רוימער [פון האלץ, ביין א. ז. וו.].

tes'seral *a.* (טעס'-ע-רעל) טעסעראל, וואס האט דריי גלייכע אקסען פערפענדיקולאר איינער צום אנדערען [וועגען קריסטאלען]. ז. ***isometric***

tes'sular *a.* (טעס'-יו-לאר) ז. ***tesseral***

test *n. and v.* (טעסט) 1. א פראבע; פרובירונג; אונטערזוכונג; א טעסט; א פראביר-שטיין, א פראביר-טיעגעל; א רעאגענס, א פראביר-מיטעל; 2. א הארטע בעדעקונג אדער שאלעכץ פון געוויסע בעשעפענישען [ווי דער מושעל פון א מאלוסק]; 3. אורטייל; אונטערשיידונג; 4. פראבירען, מאכען א פראבע; 5. בעשטעטיגען [א געזעצליכען דאקומענט].

4. My faith in his friendship was severely tested.

Test *n.* (טעסט) ז. ***Test Act***

tes'ta *n.* (טעס'-טא) א הארטע צודעקונג אדער שאלעכץ; זאמען-שאלעכץ.

Tes'ta *n.* (טעס'-טא) דער שטערן וועגא.

tes'table *a.* (טעס'-טעבל) וואס קען פרובירט ווערען; טעסטאמענטאריש, וואס קען אבגעזאגט ווערען בצואה; וואס קען עדות זאגען, וואס מען קען עדות זאגען וועגען דעם.

Testa'cea *n.* (טעס-טיי'-סי-א) דער מין שאל-טהיערע [בעשעפענישען וואס זיינען בעדעקט מיט א הארטער שאלעכץ, ווי מאלוסקען].

testa'cean *a. and n.* (טעס-טיי'-סי-ען) וואס האט א הארטע צודעקונג אדער שאלעכץ [ווי למשל, א מאלוסקע]; א שאל-טהיער, א מאלוסקע.

testaceog'raphy *n.* (טעס-טיי-סי-אג'-רע-פי) די בעשרייבונג פון שאל-טהיערע [בעשעפענישען, וואס האבען א הארטען צודעק אדער שאלעכץ].

testaceol'ogy *n.* (טעס-טיי-סי-אל'-א-דזשי) דער טייל פון דער וויסענשאפט, וואס בעשעפטיגט זיך מיט שאל-טהיערע [בעשעפענישען, וואס האבען א הארטען צודעק אדער שאלעכץ].

testa'ceous *a.* (טעס-טיי'-שיאס) 1. וואס איז שייך צו די שאל-טהיערע [ווי מאלוסקען]; 2. וואס האט א הארטען צודעק אדער שאלעכץ [ווי די שאל-טהיערע]; 3 וואס קומט פון שאל-טהיערע אדער בעשעפענישען מיט א הארטען צודעק; 4. אין באטאניק און זאאלאגיע — פון מאט-רויטען ציעגעל-קאליר, ברוינליך-געלב אדער ברוינליך-געלב געמישט מיט גרוי.

2. An oyster-shell is testaceous. 3. Pearls are of testaceous origin.

Test Act (טעסט עקט) דער טעסט-אקט [דאס ענגלישע געזעץ פון יאהר 1673, וואס איז אבגעשאפט געווארען אין 1828 און האט געפאדערט, אז רעגיערונגס-בעאמטע זאלען נעהמען א שבועה וועגען אנערקענערשאפט צו דער אנגל'קאנישער קירך און וועגען שטרענגער געגנערשאפט צום קאטוליציזם].

tes'tacy *n.* (טעס'-טע-סי) דאס איבערלאזען א צואה.

tes'tæ *n.* (טעס'-טיע) הארטע שאלעכץ [ווי למשל, פון מאלוסקען]; זאמען-שאלעכץ. ז. ***testa***

tes'tament *n.* (טעס'-טע-מענט) א טעס-

טאמענט, א צוואה; אן אבמאך, א בונד [הויפטזעכליך צווישען גאט און די מענשען], דער גלויבענס=בונד.

Tes'tament *n.* (טעס'-טע-מענט) דאס טעסטאמענט, ספר הברית [ווי דאס אלטע טעסטאמענט אדער דער תנ"ך און דאס נייע טעסטאמענט אדער ברית החדשה].

testamen'tal *a.* (טעס-טע-מענ'-טעל) ז. ***testamentary***.

testamen'tarily *adv.* (טעס-טע-מענ'-טע-רי-לי) דורך א צוואה, בצוואה.

testamen'tary *a.* (טעס-טע-מענ'-טע-רי) טעסטאמענטאריש, טעסטאמענטליך; וואס איז שייך צו א צוואה, וואס איז שייך צו דער פערוואלטונג פון ירושות; געגעבען אדער געשענקט דורך א צוואה; בעשטימט דורך א צוואה; געגרינדעט אויף א צוואה.

testamen'tate *v.* (טעס-טע-מענ'-טייט) טעסטירען, מאכען א צוואה.

testamenta'tion *n.* (טעס-טע-מענ-טיי'-שאן) דאס טעסטירען, דאס מאכען א צוואה, דאס רעכט אבצוזאגען בצוואה.

testa'mur *n.* (טעס-טיי'-מויר) א צייגניס צו אן ענגלישען סטודענט, אז ער האט אויסגעהאלטען אן עקזאמען.

tes'tate *a. and n.* (טעס'-טייט) וואס האט געלאזען א צוואה; א בעל צוואה, איינער וואס האט געלאזען א צוואה.

testa'tion *n.* (טעס-טיי'-שאן) א צייגניס, דאס עדות=זאגען; אבזאגונג בצוואה.

testa'tor *n.* (טעס-טיי'-טאר) א בעל צוואה, א טעסטאטאר, איינער וואס מאכט אדער לאזט איבער א צוואה.

testa'trix *n.* (טעס-טיי'-טריקס) א פרוי וועלכע לאזט א צוואה.

test'-box *n.* (טעסט'-באקס) אין טעלעגראפיע — אזא אינסטרומענט צו פרובירען טעלעגראפישע דראטען.

tes'ter *n.* (טעס'-טער) א פרובירער; א פרוביר=אפאראט, א פרוביר=אינסטרומענט; א באלדאכין, א חופה, אן איבערשפרייטונג; דער באלדאכין פון א הימעלבעט [אזא בעט בעהאנגען מיט גארדינען].

tes'ter-cloth *n.* (טעס'-טער-קלאהטה) דער צייג וואס מען פלעגט אמאל ברויכען פאר'ן באלדאכין אדער פאר די גארדינען פון א הימעל=בעט [אזא בעט ארומגעהאנגען מיט גארדינען].

tes'tes *n.* (טעס'-טיעז) אייער [פון זכרים]; אייער=עהנליכע זאכען. ז. ***testis***.

test'-glass *n.* (טעסט'-גלעס) א פראביר=גלאז [פאר כעמישע צוועקען].

tes'ticle *n.* (טעס'-טיקל) אן איי [פון א זכר].

tes'ticond *a.* (טעס'-טי-קאנד) מיט פערבארגענע אייער [וועגען זכרים פון חיות, ביי וועלכע די אייער געפינען זיך ניט אין אן אויסערליכען בייטעל].

testic'ular *a.* (טעס-טיק'-יו-לאר) וואס איז שייך צו די אייער [פון זכרים]; אייער=עהנליך, וואס האט א פאר אייער=עהנליכע אנוואקסונגען [וועגען געוויסע פלאנצען].

testic'ular ar'tery (טעס-טיק'-יו-לאר אר'-טע-רי) ז. ***spermatic artery***.

testic'ulate *a.* (טעס-טיק'-יו-לייט) אייער=פערמיג, עהנליך צו אן איי פון א זכר; וואס האט אן אנוואוקס עהנליך צו די אייער פון א זכר.

testic'ulated *a.* (טעס-טיק'-יו-ליי-טער) ז. ***testiculate***.

testiere' *n.* (טעס-טי-עהר') אזא קאפ=פאנצער פאר א פערד.

testif'icate *n.* (טעס-טיפ'-אי-קייט) א פייערליכע שריפטליכע בעהויפטונג [פאר א געריכט].

testifica'tion *n.* (טעס-טי-פי-קיי'-שאן) דאס עדות=זאגען, א בעווייז.

tes'tificator *n.* (טעס'-טי-פי-קיי-טאר) אן עדות.

tes'tifier *n.* (טעס'-טי-פאי-ער) אן עדות.

tes'tify *v.* (טעס'-טי-פאי) 1. עדות זאגען; 2. דיענען אלס בעווייז; 3. בעווייזען; 4. לאזען וויסען, מאכען בעקאנט.

2. His poverty **testifies** to his severity of purpose.

tes'tily *adv.* (טעס'-טי-לי) אויף אן אנגע'ברגז'טען אופן, בייז, אויפגערעגט, שלעכט געשטימט, קאפריזנע.

testimo'nial *a. and n.* (טעס-טי-מאו'-ני-על) וואס איז שייך צו עדות אדער צו עדות=זאגען; וואס איז שייך צו א צייגניס, אטעסטאט אדער אנערקענונג; א צייגניס, אן אטעסטאט; אן אויסדרוק פון אנערקענונג, אכטונג אדער בעוואונדערונג; א רעקאמענדאציאן.

testimo'nial ev'idence (טעס-טי-מאו'-ני-על עוו'-אי-דענס) דירעקטע בעווייזע פון אן עדות.

testimo'nialize *v.* (טעס-טי-מאו'-ני-על-איז) אויסדריקען אנערקענונג, אכטונג אדער בעוואונדערונג.

testimo'nial let'ters (טעס-טי-מאו'-ני-על לעט'-ערז) אן אטעסטאט, א רעקאמענדאציאן, אן אנערקענונגס=צייגניס.

testimo'nial mee'ting (טעס-טי-מאו'-ני-על מיע'-טינג) אן אנערקענונגס=פערזאמלונג [א פערזאמלונג מיט'ן צוועק אויסצודריקען איינעם אנערקענונג, אכטונג אדער בעוואונדערונג].

testimo'nial priv'ilege (טעס-טי-מאו'-ני-על פריוו'-אי-לעדזש) דאס רעכט פון אן עדות ניט אויסצוזאגען געוויסע זאכען ביי א פערהער.

testimo'nial proof (טעס-טי-מאו'-ני-על פרוהף) א בעווייז דורך אן עדות [אין געגענזאץ צו דאקומענטאלע בעווייזע].

testimo'nium *n.* (טעס-טי-מאו'-ני-אם) דער שלוס=אבזאץ פון א געזעצליכען דאקומענט.

tes'timony *n.* (טעס'-טי-מא-ני) 1. בעווייז, עדות, דאס עדות=זאגען; 2. אן עפענטליכע ערקלערונג; 3. א פראטעסט; 4. דאס געטליכע געזעץ, די הייליגע שריפטען; 5. די הייליגע לוחות, די עשרת הדברות.

1. The **testimony** of the witnesses favored the plaintiff. 4. The **testimony** of the Lord is sure, making wise the simple. 5. Thou shalt put into the ark the **testimony** which I shall give thee.

tes'tiness *n.* (טעס'-טי-נעס) בייזקייט, קאפריזנעקייט, אויפגערעגטקייט.

tes'ting-box *n.* (טעס'-טינג-באקס) ז. ***test-box***.

tes'ting-clause *n.* (טעס'-טינג-קלאהז) דער בעשטעטיגונגס=פונקט פון א געזעצליכען דאקומענט [וואו עס ווערט אנגעגעבען דער דאטום, די עדות, דער נאמען פון דעם שרייבער און די צאהל זייטען פון דעם דאקומענט].

tes'tis *n.* (טעס'-טיס) אן איי [פון א זכר]; עטוואס וואס איז רונדליך און עהנליך אין אויסזעהן צו אן איי פון א זכר [ווי די מארך=טיילען פון קאפ].

test'-meal *n.* (טעסט'-מיעל) א פראבע=מאהלצייט [וואס ווערט געגעבען איינעם, אום צו בעשטימען, אויב זיין פערדייאונג איז נארמאל].

test'-me'ter *n.* (טעסט'-מיע'-טער) אן אפאראט צו פרובירען דעם פערברויך פון גאז אין גאז=ברענערס; אן אפאראט צום פרובירען די ריכטיגקייט פון גאז=מעטערס, עלעקטראמעטערס און עהנליכע אויטאמאטישע מעסט=אפאראטען.

tes'to *n.* (טעס'-טאו) די טהעמא פון א מוזיקאלישען ווערק; דער טעקסט אדער די ליברעטא [די ווערטער] פון א מוזיקאלישען ווערק.

test'-ob'ject *n.* (טעסט'-אב'-דזשעקט) א פראבע=פרעפאראט [א קליין שטיקעל שטאף, מייסטענס ארגאנישער, צו פרובירען די קראפט פון א מיקראסקאפ אדער פערגרעסונגס=גלאז].

tes'ton *n.* (טעס'-טאן) אזא פארצייטיגע זילבערנע פראנצויזישע מטבע; אזא פארצייטיגער ענגלישער שילינג.

testo'ne *n.* (טעס-טאו'-נע) אזא פארצייטיגע זילבערנע איטאליענישע מטבע [אין ווערטה פון 32 סענט].

test'-pa'per *n.* (טעסט'-פיי'-פער) רעאגענס=פאפיער, פרוביר=פאפיער [כעמיש=פרעפארירטעס פאפיער, דורך וועלכען מען געפינט אויס, אויב אין געוויסע געגענשטענדע געפינען זיך געוויסע כעמישע שטאפען. דאס ווערט אויסגעפונען פון די ענדערונגען אין דעם קאליר פון דעם רעאגענס=פאפיער].

test'-pump *n.* (טעסט'-פאמפ) א פאמפע וואס ווערט געברויכט צום פראבירען די שטארקייט אדער די אונדורכדרינגליכקייט פאר לופט און וואסער פון מעטאלענע צילינדערס.

test'-spoon *n.* (טעסט'-ספוהן) א קליין לעפעלע געברויכט ביי כעמישע עקספערימענטען.

test'-tube *n.* (טעסט'-טיוב) א פראביר=רעהר, א רעאגענס=גלאז [א גלאז=רעהרעל צו פרובירען פליסיגקייטען]; א כלארא=מעטער [ז. ***chlorometer***].

test'-tube cul'ture (טעסט'-טיוב קאל'-טשור) מיקראבען וואס מען קולטיווירט אין א פראביר=רעהר. ז. ***test-tube***.

test'-types *n.* (טעסט'-טאיפס) בוכשטאבען פון פערשיעדענער גרויס וואס אויגען=דאקטוירים געברויכען צום פרובירען די ראיה.

testu'dinal *a.* (טעס-טיו'-די-נעל) וואס איז שייך אדער עהנליך צו א שילדקראט [טשערעפאכע].

testudina'rious *a.* (טעס-טיו-די-ניי'-רי-אס) קאלירט ווי א שילדקראט=פאנצער אדער טשערעפאכע, געפלעקט אין רויט, געל און שווארץ.

Testudina'ta *n.* (טעס-טיו-די-ניי'-טא) דער מין שילדקראטען [טשערעפאכעס].

testu'dinate *a. and n.* (טעס-טיו'-די-נייט) ווי דער פאנצער פון א שילדקראט אדער טשערעפאכע; געוועלבט, אויסגעבויגען; א שילדקראט, א טשערעפאכע.

testu'dinated *a.* (טעס-טיו'-די-ניי-טער) געוועלבט. ז. ***testudinate***.

testudin'eal *a.* (טעס-טיו-דינ'-אי-על) ז. ***testudinal***.

testudin'eous *a.* (טעס-טיו-דינ'-אי-אס) שילדקראט=פערמיג, עהנליך צום פאנצער פון א שילדקראט [טשערעפאכע].

testu'do *n.* (טעס-טיו'-דאו) דער שטורם=דאך [ביי די אלטע רוימער — א בעשיצונג פון צוזאמענגעלעגטע פאנצערס ביי

שטורעמען א פעסטונג]; א פלאך־געוועלבטער דאך, א פלאכע וועלבונג [אין א מעטאל־גרוב אדער קויהלען־גרוב]: א שילדקראט־געשווילעכץ [א געשווילעכץ איינגעשלאסען אין א פאנצער]: די שילדקראט־לירע [די לירע פון דעם רוימישען גאט מערקור; אזא פארצייטיגע לירע]; אין אנאטאמיע — א וועלבונג, די מארך־וועלבונג.

Testu'do *n.* (טעס־טיו׳־דאו) א מין שילדקראטען [טשערעפאכעס].

tes'ty *a.* (טעס׳־טי) בייז, קאפריזנע, אויפגערעגט.

His manner was cold and testy.

tetan'ic *a.* and *n.* (טי־טען׳־איק) וואס איז שייך צו שטאר־קראמפף, ספאזמען אדער פערשטארונג; וואס קומט פון שטאר־קראמפף, וואס איז ענהליך צו שטאר־קראמפף; א מעדיצינישער מיטעל וואס רופט ארויס ספאזמען אדער שטאר־קראמפף.

tet'aniform *a.* (טעט׳־ע־ני־פארם) ענהליך צו שטאר־קראמפף [ספאזמען, פערשטארונג].

tetanig'enous *a.* (טעט־ע־נידזש׳־ע־נאס) וואס פעראורזאכט שטאר־קראמפף, פערשטארונג אדער ספאזמען.

tetaniza'tion *n.* (טעט־ע־ני־זיי׳־שאן) דאס פעראורזאכען אדער ארויסרופען שטאר־קראמפף [פערשטארונג, ספאזמען].

tet'anize *v.* (טעט׳־ע־נאיז) פעראורזאכען אדער ארויסרופען שטאר־קראמפף [פערשטארונג, ספאזמען].

tet'anus *n.* (טעט׳־ע־נאס) שטאר־קראמפף, קראמפף, ספאזמען, פערשטארונג.

tet'any *n.* (טעט׳־ע־ני) ספאזמען, קאנוואולסיעס.

tetartoprismat'ic *a.* (טע־טאר־טא־פריז־מעט׳־איק) ז. ***triclinic***

tetaug' *n.* (טע־טאהג׳) דער אמעריקאנישער ליפ־פיש. ז. ***tautog***

tetch'ily *adv.* (טעטש׳־אי־לי) ז. ***techily***

tetch'iness *n.* (טעטש׳־אי־נעס) ז. ***techiness***

tetch'y *a.* (טעטש׳־אי) ז. ***techy***

tête *n.* (טייט) פאלשע האר, פרעמדע האר, א פארוק.

tête'-á-tête' *adv., a.* and *n.* (טייט׳־ע־טייט׳) אונטער פיער אויגען, פריוואט, געהיים; אן אינטימער אדער פריינדליכער געשפרעך; א קורצע סאפא פאר צוויי מענשען.

tête'-á-tête' set (טייט־ע־טייט׳ סעט) א טיש־סערוויז בלויז פאר צוויי מענשען.

tet'el *n.* (טעט׳־על) אזא גרויסע אפריקאנישע אנטילאפע מיט גרויסע און שטארקע הערנער.

teth'er *n.* and *v.* (טעטה׳־ער) 1. א שטריק, א קייט [צוצובינדען בהמות ביים פאשען]; 2. א בעשרענקונג, אן ערלויבטער בעשרענקטער שטח; 3. צובינדען בהמות ביים פאשען; צובינדען; 4. איינצאמען, בעשרענקען.

2. In his pleasure-seeking he went beyond his tether. 3. The hunter tethered his horse.

teth'er-stick *n.* (טעטה׳־ער־סטיק) א סלופ צוצובינדען א בהמה ביים פאשען.

te'-to'tum *n.* (טיע׳־טאו׳־טאם) ז. ***tee-totum***

tetrabra'chius *n.* (טעט־רע־בריי׳־קי־אס) א פערזעהעניש מיט פיער הענד.

tet'rachord *n.* (טעט׳־רע־קאהרד) א טעטראכארד, אן אלט־גריכישער מוזיקאלישער אינסטרומענט מיט פיער סטרונעס; א מוזיקאלישע גאמע פון פיער רעגעלמעסיגע גאנצע טענער.

tetrachor'dal *a.* (טעט־רע־קאהר־דעל) טעטראכארדיש; וואס איז שייך צו א טעטראכארד. ז. ***tetrachord***

tetrachor'don *n.* (טעט־רע־קאהר׳־דאן) א טעטראכארדאן, א מוזיקאלישער אינסטרומענט וואס איז געבויט ווי א פיאנא מיט א קלאוויאטור, נאר די טענער בעקומען זיך דורך דער רייבונג פון די סטרונעס אן א זיך־דרעהענדען צילינדער.

tetrac'tomy *n.* (טע־טרעק׳־טא־מי) א צוטיילונג אין פיער טיילען.

tet'rad *n.* (טעט׳־רעד) די צאהל פיער; א גרופע פון פיער זאכען; אין כעמיע — אן עלעמענט, וועמעס אייןאטאם איז עקוויוואלענט צו פיער אטאמען וואסערשטאף.

tetradac'tyl *a.* and *n.* (טעט־רע־דעק׳־טיל) וואס האט פיער פינגער; א חיה מיט פיער פינגער אויף דעם פאדערשטען אדער הינטערשטען פוס.

tetradac'tyle *a.* and *n.* (טעט־רע־דעק׳־טיל) ז. ***tetradactyl***

tetradac'tylous *a.* (טעט־רע־דעק׳־טי־לאס) וואס האט פיער פינגער [וועגען א חיה].

tetradec'apod *a.* and *n.* (טעט־רע־דעק׳־ע־פאד) וואס האט פיערצעהן פיס [וועגען געוויסע מינים ראקעס]; א בעשעפעניש מיט פיערצעהן פיס.

tetradiapa'son *n.* (טעט־רע־דאי־ע־פיי׳־זאן) אין מוזיק — די פיערפאכע אקטאווע; אן אינטערוואל פון פיער אקטאווען.

tet'radite *n.* (טעט׳־רע־דאיט) איינער, וועלכער האלט די צאהל פיער אלס א סמן פאר גוטס אדער שלעכטס; ביי די פארצייטיגע גריכען און רוימער — א קינד וואס איז געבארען געווארען אין פיערטען חדש אדער אין דעם פיערטען טאג פון חדש; איינער וואס דיענט צו פיער געטער.

tet'radrachm *n.* (טעט׳־רע־דרעם) אין אלט־גריכענלאנד — א זילבערנע מטבע וואס האט געהאט דעם ווערטה פון פיער דראכמען.

tetradyna'mian *a.* (טעט־רע־די־ניי׳־מי־ען) ז. ***tetradynamous***

tetradyn'amous *a.* (טעט־רע־דין׳־ע־מאס) אין באטאניק — וואס האט זעקס שטויב־בייטעלעך [פיער לאנגע און צוויי קורצע].

tetrag'amy *n.* (טע־טרעג׳־ע־מי) דאס הייראטען דעם פיערטען מאל.

tet'ragon *n.* (טעט׳־רע־גאן) אין געאמעטריע — א טעטראגאן, א פיגור פון פיער ווינקלען אדער קאנטען, א פיער־קאנטיגע פיגור.

tetrag'onal *a.* (טע־טרעג׳־א־נעל) אין געאמעטריע — וואס איז שייך צו א טעטראגאן אדער פיער־ווינקלדיגער פיגור; פיער־עקיג, פיער־קאנטיג, פיער־ווינקלדיג.

tetrag'onally *adv.* (טע־טרעג׳־א־נעל־אי) פיער־ווינקעלדיג, אויף א פיער־ווינקלדיגער אדער פיער־קאנטיגער ארט.

tet'ragram *n.* (טעט׳־רע־גרעם) א טעטראגראם, א ווארט פון פיער בוכשטאבען; אין געאמעטריע — א פיגור פון פיער גראדע ליניען.

Tetragram'maton *n.* (טעט־רע־גרעמ׳־ע־טאן) די מיסטיישע פיער־צאהל פון בוכשטאבען [ווי די פיער בוכשטאבען פון גאט׳ס נאמען יהוה].

tet'ragyn *n.* (טעט׳־רע־דזשין) אין באטאניק — א טעטראגין, א פלאנצע וואס האט פיער פיסטילען [ווייבליכע געשלעכטס־ארגאנען].

tetragyn'ian *a.* (טעט־רע־דזשין׳־אי־ען) אין באטאניק — טעטראגיניש, מיט פיער פיסטילען [די ווייבליכע געשלעכטס־ארגאנען פון א פלאנצע].

tetrag'ynous *a.* (טע־טרעדזש׳־אי־נאס) ז. ***tetragynian***

tetrahe'dral *a.* (טעט־רע־הי׳־דרעל) אין מאטעמאטיק — טעטראהעדריש; וואס איז שייך צו א טעטראהעדראן. ז. ***tetrahedron***

tetrahe'dral an'gle (טעט־רע־הי׳־דרעל ענגל) אין געאמעטריע — א סאלידער ווינקעל, וואס איז בעגרענעצט אדער בילדעט זיך אויס פון פיער דריי־עקיגע פלעכען.

tetrahe'drally *adv.* (טעט רע־הי׳־דרעל־אי) אין דער פארם פון א טעטראהעדראן. ז. ***tetrahedron***



Tetrahedron

tetrahe'dron *n.* (טעט־רע־הי׳־דראן) אין געאמעטריע — א טעטראהעדראן, א קערפער אדער פיגור פון פיער גלייכע דריי־עקען.

tetrahexahe'dral *a.* (טעט־רע־העק־סע־הי׳־דרעל) וואס האט די פארם פון א טעטראהעקסאהעדראן. ז. ***tetrahexahedron***

tetrahexahe'dron *n.* (טעט־רע־העק־סע־הי׳־דראן) אין געאמעטריע — דער טעטראהעקסאהעדראן, א סאלידער קערפער מיט 24 גלייכע דריי־עקיגע זייטען.



Tetrahexahedron

tetral'ogy *n.* (טע־טרעל׳־א־דזשי) טעטראלאגיע, די פעראייניגונג פון פיער דראמאטישע קאמפאזיציאנען אין איין גאנצע [ווי אין אלט־גריכענלאנד — א פעראייניגונג פון דריי טראגעדיעס מיט איין סאטירע].

tetram'erous *a.* (טע־טרעמ׳־ע־ראס) אין באטאניק און זאאלאגיע — פיערטייליג; וואס בעשטעהט פון פיער טיילען.

tetram'eter *a.* and *n.* (טע־טרעמ׳־ע־טער) וואס האט פיער מעסטונגען אדער טאקטען; א טעטראמעטער, א פיער־פוס פערז, א פערז וואס האט פיער טאקטען.

tetran'der *n.* (טע־טרענ׳־דער) אין באטאניק — א פלאנצע וואס האט פיער שטויב־געפעסן [מענליכע געשלעכטס־ארגאנען].

tetran'drian *a.* (טע־טרענ׳־דרי־ען) ז. ***tetrandrous***

tetran'drous *a.* (טע־טרענ׳־דראס) אין באטאניק — וואס האט פיער שטויב־געפעסן [די מענליכע געשלעכטס־ארגאנען פון א פלאנצע].

tetrapet'alous *a.* (טעט־רע־פעט׳־ע־לאס) אין באטאניק — וואס האט פיער בלומען־בלעטלעך. ז. ***petal***

tetraphyl'lous *a.* (טעט־רע־פיל׳־אס) אין באטאניק — פיער־בלעטעריג; וואס בעשטעהט פון פיער בעזונדערע בלעטער.

Tet'rapla *n.* (טעט׳־רע־פלא) די טעטראפלא, אן אויסגאבע פון דער ביבעל אין פיער בעזונדערע גריכיישע איבערזעצונגען; אן אויסגאבע פון דער ביבעל אין פיער פערשיעדענע ווערזיאנען.

tet'rapod *a.* and *n.* (טעט׳־רע פאד)

פיער⸗פיסיג; וואס האט פיער פיס; א בעשעפעניש מיט פיער פיס [בעזאנדערס וועגן געוויסע באבלעך אדער זומער⸗פויגעלעך].

tetrap'odous *a.* (טע-טרעפּ'-א-דאס) וואס האט פיער פיס [וועגן א בעשעפעניש].

tetrap'olis *n.* (טע-טרעפּ'-א-ליס) א טעטראפּאליס, א גרופּע אדער פעראייניגונג פון פיער שטעדט; א פּאליטישער בעצירק אדער דיסטריקט, וואס ענטהאלט אין זיך פיער וויכטיגע שטעדט.

tetrapol'itan *a.* (טעט-רע-פּאל'-אי-טען) וואס איז שייך צו א טעטראפּאליס. ז. *tetrapolis*.

tetrap'teran *a. and n.* (טע-טרעפּ'-טע-רען) פיער⸗פליגעלדיג; וואס האט פיער פליגלען; אן אינזעקט מיט פיער פליגלען.

tetrap'terous *a.* (טע-טרעפּ'-טע-ראס) פיער⸗פליגעלדיג; וואס האט פיער פליגלען.

tet'raptote *n.* (טעט'-רעפּ-טאוט) אין גראמאטיק — א הויפּטווארט וואס האט בלויז פיער קאזוסען [ז. *case*].

tet'rarch *n.* (טעט'-רארק) אין דער אלט⸗רוימישער אימפּעריע — א טעטרארך, א הערשער פון א פיערטען טייל פון א לאנד אדער פּראווינץ; א וויצע⸗קעניג; אין אלט⸗גריכענלאנד — א קאמאנדיר פון פיער רייהען סאלדאטען אין א פאלאנקס [ז. *phalanx*].

tet'rarchate *n.* (טעט'-ראר-קייט) א טעטרארכאט, דער דיסטריקט, וואו עס האט געהערשט א רוימישער טעטרארך. ז. *tetrarch*.

tetrar'chical *a.* (טע-טראר'-קי-קעל) וואס איז שייך צו א טעטרארכאט. ז. *tetrarchate*.

tet'rarchy *n.* (טעט'-ראר-קי) ז. *tetrarchate*.

tetras'celus *n.* (טע-טרעס'-ע-לאס) א פערזעהעניש מיט פיער פיס.

tetraschis'tic *a.* (טעט-רע-סקיס'-טיק) אין ביאלאגיע — וואס האט די נייגונג צו טיילען זיך אין פיער טיילען.

tetrasep'alous *a.* (טעט-רע-סעפּ'-ע-לאס) אין באטאניק — וואס האט פיער קעלך⸗בלעטלעך [ז. *sepal*].

tetrasper'mous *a.* (טעט-רע-ספּויר'-מאס) אין באטאניק — וואס האט פיער זאמען־אין יעדער בלום אדער אין יעדען קעמערעל פון דעם קערנער⸗שיידעל.

tetraspher'ical *a.* (טעט-רע-ספער'-אי-קעל) וואס איז שייך צו פיער ספערען אדער קוגלען.

tet'rastich *n.* (טעט'-רע-סטיק) א פערז פון פיער ציילען.

tet'rastyle *n. and a.* (טעט'-רע-סטאיל) אין ארכיטעקטור — א פיער⸗זייליגע געביידע, א געביידע מיט פיער זיילען; וואס האט פיער זיילען; וואס האלט זיך אויף פיער זיילען.

tetrasyllab'ic *a.* (טעט-רע-סי-לעב'-איק) וואס האט פיער זילבען [וועגן א ווארט].

tetrasyllab'ical *a.* (טעט-רע-סי-לעב'-אי-קעל) ז. *tetrasyllabic*.

tet'rasyllable *n.* (טעט'-רע-סיל-עבל) א ווארט פון פיער זילבען.

tet'ratheism *n.* (טעט'-רע-טהי-איזם) אין דער קריסטליכער טעאלאגיע — טעטראטעאיזם, די לעהרע, אז צו דער דריי־איינינקייט פון גאט [״גאט דער פאטער״, ״גאט דער זוהן״ און ״גאט דער הייליגער גייסט״] קומט נאך צו א פיערטע איינינקייט ״דער געטליכער עצם״.

tet'ratheite *n.* (טעט'-רע-טהי-איט) א טעטראטעאיט, אן אנהענגער פון טעטראטעאיזם. ז. *tetratheism*.

tet'ratone *n.* (טעט'-רע-טאון) אין מוזיק — א טעטראטאן, אן אינטערוואל פון פיער גאנצע טענער.

tet'ter *n. and v.* (טעט'-ער) הויט⸗אויסשלאג; אן אויסשיטונג אויף דער הויט, לישאיעס; אנשטעקען מיט לישאיעס.

tet'terous *a.* (טעט'-ע-ראס) וואס האט דעם כאראקטער פון א הויט⸗אויסשלאג.

tet'tiga *n.* (טעט'-אי-גא) ז. *tettix*.

tet'tix *n.* (טעט'-איקס) די ציקאדע אדער בוים⸗גריל [אזא גרויסער אינזעקט].

teuthol'ogy *n.* (טיו-טהאל'-א-דזשי) טויטאלאגיע, דער טייל פון זאאלאגיע, וועלכער פערנעהמט זיך מיט סעפאלאפאדען [ז. *Cephalopoda*].

Teu'ton *n.* (טיו'-טאן) א טעווטאן, איינער פון די טעווטאנען [אן אלט⸗גערמאנישער שבט]; איינער פון א גערמאנישען פאלק; א דייטש.

Teuton'ic *a. and n.* (טיו-טאנ'-איק) טעווטאניש; וואס איז שייך צו די טעווטאנישע אדער גערמאנישע פעלקער; די שפראך פון די גערמאנישע פעלקער.

Teuton'icism *n.* (טיו-טאנ'-אי-סיזם) א טעווטאנישער אויסדרוק; א גערמאניזם [א ווארט אדער אויסדרוק וואס איז כאראקטעריסטיש ספּעציעל פאר די גערמאנישע פעלקער און זייער שפּראך].

Teuton'ic lan'guages (טיו-טאנ'-איק לענ'-גהווערדזש-עז) די טעווטאנישע שפּראכען, די שפּראכען וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט פון אלט⸗דייטש [ווי דייטש, פלאט⸗דייטש, ענגליש, האלענדיש א. ז. וו.]

Teu'tonism *n.* (טיו'-טאנ-איזם) טעווטאניזם, דייטשער כאראקטער און אייגענשאפטען; א טעווטאנישער אדער דייטשער אויסדרוק.

Teutoniza'tion *n.* (טיו-טאנ-אי-זיי'-שאן) דאס טעווטאניזירען אדער גערמאניזירען; דאס צוגעבען א דייטשען כאראקטער אדער דייטשע אייגענטימליכקייטען.

Teu'tonize *v.* (טיו'-טאנ-איז) טעווטאניזירען, גערמאניזירען; צוגעבען א דייטשען כאראקטער אדער דייטשע אייגענטימליכקייטען; צופּאסען צו די דייטשע זיטען, מנהגים א. ז. וו.

tew'el *n.* (טיו'-על) די רעהר אין א שמעלץ⸗טיגעל אין וועלכער עס געהט אריין דער ווינד פון א בלאז⸗זאק.

Tex. — אבקירצונג פון *Texas* [טעקסעס א שטאאט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

text *n.* (טעקסט) דער טעקסט, דאס אריגינעלע ווערק פון א מחבר [אין געגענזאץ צו אן איבערזעצונג אדער איבערדערצעהלונג]; דער הויפּט אינהאלט פון א בוך אהן די פּירושים, אנמערקונגען, איללוסטראציאנען א. ז. וו.; א פּסוק אדער פּסוקים פון תנ״ך; א זאץ אדער געגענשטאנד וואס ווערט גענומען צו בעשפּרעכען און ערקלערען; א טעמא; אין מוזיק — ווערטער צו א נגון; אן ארט האנדשריפט.

text'-book *n.* (טעקסט'-בוק) א לעהר⸗בוך; א בוך וואס ענטהאלט אין זיך טעקסטען אדער פּסוקים [ווי פון תנ״ך].

text'-hand *n.* (טעקסט'-הענד) א גרויסע האנד⸗שריפט.

tex'tile *a. and n.* (טעקס'-טיל) טעקסטיל, וואס איז שייך צו וועבען; געוועבט; א געוועב; מאטעריאל צום וועבען.

tex'tile in'dustry (טעקס'-טיל אינ'-דאס-טרי) די טעקסטיל⸗אינדוסטריע, וועבעריי, די פאבריקאציאן פון געוועבטען שטאף.

tex'tual *a.* (טעקס'-טשו-על) וואס איז שייך צו א טעקסט. ז. *text*.

tex'tual crit'icism (טעקס'-טשו-על קריט'-אי-סיזם) טעקסט⸗קריטיק, א וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג וועגען דער ריכטיגקייט פון טעקסט [פון אלטע ספרים, ווי די ביבעל א. ד. ג., וועלכע מען פלעגט א לאנגע צייט איבערשרייבען אין מאנוסקריפּטען].

tex'tualism *n.* (טעקס'-טשו-על-איזם) דאס האלטען זיך שטרענג אן טעקסט אדער אן בוכשטעבליכען געדאנק פון דער תורה.

tex'tualist *n.* (טעקס'-טשו-על-איסט) א קענער פון טעקסטען אדער פּסוקים פון תנ״ך; איינער וואס האלט זיך שטרענג אן דעם בוכשטעבליכען זין פון טעקסט אדער תנ״ך.

tex'tually *adv.* (טעקס'-טשו-על-אי) בנוגע צום טעקסט. ז. *text*.

tex'tuary *a. and n.* (טעקס'-טשו-ע-רי) וואס איז שייך צו א טעקסט; וואס געפינט זיך אין טעקסט [ז. *text*]; איינער וואס האלט זיך פעסט אן די בוכשטאבען פון טעקסט; א טעקסט⸗געלעהרטער, א קענער פון פּסוק [תנ״ך].

tex'tural *a.* (טעקס'-טשור-על) וואס איז שייך צום וועבען אדער צום געוועב.

tex'ture *n.* (טעקס'-טשור) דאס וועבען; א געוועבטע זאך; דאס געוועב; די סטרוקטור, דאס געבוי פון עפּעס; אין ביאלאגיע — אן ארגאנישעס געוועב [ווי א מוסקול א. ד. ג.].

tex'tureless *a.* (טעקס'-טשור-לעס) אהן געוועב; פארמלאז.

tex'tus *n.* (טעקס'-טאס) דער טעקסט פון א בוך [בעזאנדערס פון דער ביבעל].

text'-wri'ter *n.* (טעקסט'-ראי'-טער) א שרייבער פון טעקסט⸗ביכער; אן איבערשרייבער פון ביכער [איידער די קונסט פון דרוקעריי איז ערפונדען געווארען].

Th. פערקירצונג פון *Thursday*

thalamiflo'ral *a.* (טהעל-ע-מי-פלאו'-רעל) אין באטאניק — ביי וועלכער די בלומען⸗בלעטלעך און די שטויב⸗געפעס וואקסען ארויס גלייך פון בלומען⸗באדען [ז. *receptacle*].

thalamiflo'rous *a.* (טהעל-ע-מי-פלאו'-ראס) ז. *thalamifloral*

thal'amite *n.* (טהעל'-ע-מאיט) אין אלט⸗גריכענלאנד — א טהאלאמיט, א רודערער פון דער אונטערשטער צייל אין א קריעגס⸗שיף [די אלט⸗גריכישע קריעגס⸗שיפען האבען געהאט דריי ציילען רודערער].

thala'mium *n.* (טהע-ליי'-מי-אם) אין באטאניק — דער פרוכט⸗טראגענדער ארגאן פון א פלאנצע.

thal'amus *n.* (טהעל'-ע-מאס) אין באטאניק — דער בלומען⸗באדען [ז. *receptacle*]; אין אנאטאמיע — דאס ארט אין מארך וואו עס הויבט זיך אן דער זעה⸗נערוו; אין אלט⸗גריכענלאנד — דאס אינערליכע צימער פון א הויז; דאס פרויען⸗צימער.

thalas'sian *n.* (טהע-לעס'-אי-ען) א ים⸗חיה; א ים⸗טשערעפּאכע, א ים⸗שילד⸗קראט.

thalas'sic *a.* (טהע-לעס'-איק) וואס לעבט אין ים [וועגען ים⸗חיות]; וואס

איז שייך צום ים [אין נעגענזאץ צום אקעאן].

thalas'siophyte *n.* (טהע-לעס'-אי-א-פאיט) א ים-גראז.

thalassog'rapher *n.* (טהעל-ע-סאג'-רע-פער) ז. ***oceanographer***

thalassograph'ic *a.* (טהע-לעס-א-גרעפ'-איק) ז. ***oceanographic***

thalassog'raphy *n.* (טהעל-ע-סאג'-רע-פי) ז. ***oceanography***

thalassom'eter *n.* (טהעל-ע-סאמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט צו מעסטען די טיעפקייט פון ים.

tha'ler *n.* (טא'-לער) א טאלער [אן אמאליגע דייטשע זילבערנע מטבע אין ווערטה פון אונגעפעהר 71 אמעריקאנער סענט].

Thali'a *n.* (טהע-לאי'-א) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — טהאליא, די מוזע פון קאמעדיע און לירישער פאעזיע.

Thali'an *a.* (טהע-לאי'-ען) וואס איז שייך צו טהאליא [די מוזע פון קאמעדיע]; קאמיש.

thal'lic *a.* (טהעל'-איק) וואס געהערט צו טאליום. ז. ***thallium***

thal'lious *a.* (טהעל'-אי-אס) ז. ***thallic***

thal'lite *n.* (טהעל'-איט) דער מינעראל טהאליט אדער עפידאט [ז. ***epidote***].

thal'lium *n.* (טהעל'-אי-אם) טאליום [איינער פון די כעמישע גרונד-עלעמענטען. ער איז א גרוי-ווייסער, ווייכער און גלאנציגער מעטאל וואס געפינט זיך אין קליינע קוואנטיטעטען און ווערט געברויכט אין דער פאבריקאציאן פון גלאז און אנדערע זאכען].

thal'logen *n.* (טהעל'-א-דזשען) ז. ***thallophyte***

thal'lophyte *n.* (טהעל'-א-פאיט) א פלאנצע פון די נידריגסטע מינים קריפטאגאמען [ז. ***Cryptogamia***].

thal'lus *n.* (טהעל'-אס) אין באטאניק — א פלאנצע, וועלכע איז ניט דיפערענצירט געווארען אין א ווארצעל, שטאם אדער בלעטער [ווי די נידריגע קריפטאגאמען. ז. ***Cryptogamia***].

tham'nophile *n.* (טהעמ'-נא-פיל) ז. ***bush-shrike***

than *c.* (טהען) אלס; ווי.

tha'nage *n.* (טהיי'-נעדזש) דאס אמט אדער ווירדע פון א טהאן; דער דיסטריקט אדער טעריטאריע אונטער דער הערשאפט פון א טהאן [ז. ***thane***].

than'atoid *a.* (טהענ'-ע-טאיד) ווי דער טויט; עהנליך צום טויט; וואס ברייננט טויט.

thanatol'ogy *n.* (טהענ-ע-טאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען טויט.

thanatop'sis *n.* (טהענ-ע-טאפ'-סיס) בעטראכטונגען אדער געדאנקען וועגען דעם טויט.

thane *n.* (טהיין) ביי די פארצייטיגע אנגלא-זאקסען — א טהאן, א ריטער, א באראן.

thane'dom *n.* (טהיינ'-דאם) די טהאנשאפט, דער דיסטריקט אדער די טעריטאריע, וואס האט בעלאנגט צו א טהאן; די מאכט אדער הערשאפט פון א טהאן [ז. ***thane***].

thane'hood *n.* (טהיינ'-הוד) דאס אמט אדער די ווירדע פון א טהאן; די טהאנען אין אלגעמיין [ז. ***thane***].

thane'-land *n.* (טהיינ'-לענד) לאנד וואס בעלאנגט צו א טהאן; דער דיסטריקט אונטער דער יוריסדיקציאן פון א טהאן [ז. ***thane***].

thane'ship *n.* (טהיינ'-שיפ) די טהאנשאפט. ז. ***thanehood***

thank *v. and n.* (טהענק) בעדאנקען; דאנקען; א דאנק.

than'ker *n.* (טהענ'-קער) אן אבדאנקער; איינער וואס דאנקט.

thank'ful *a.* (טהענק'-פול) דאנקבאר.

thank'fully *adv.* (טהענק'-פול-אי) אויף א דאנקבארען אופן; מיט דאנקבארקייט.

thank'fulness *n.* (טהענק'-פול-נעס) דאנקבארקייט.

thank'less *a.* (טהענק'-לעס) אונדאנקבאר; וואס פערדיענט ניט קיין דאנק.

thank'lessly *adv.* (טהענק'-לעס-לי) מיט אונדאנקבארקייט; אויף אן אונדאנקבארען שטייגער.

thank'lessness *n.* (טהענק'-לעס-נעס) אונדאנקבארקייט.

thank'-of'fering *n.* (טהענק'-אפ'-ער-אינג) א דאנק-אפפער, א קרבן תודה.

thanks *n.* (טהענקס) דאנקע, א דאנק.

thanksgiv'er *n.* (טהענקס-גיוו'-ער) אן אבדאנקער; א דאנק-זאגער.

thanksgiv'ing *n.* (טהענקס-גיוו'-אינג) א דאנקזאגונג; די דאנקזאגונג צו גאט דורך א ברכה, דורך א תפילה אדער דורך א קרבן.

Thanksgiv'ing *n.* (טהענקס-גיוו'-אינג) ז. ***Thanksgiving day***

Thanksgiv'ing day (טהענקס-גיוו'-אינג דיי) אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — דער דאנקזאגונגס-טאג, דער דאנק צו גאט פאר די ברכות פון יאהר [א נאציאנאלער יום-טוב וואס ווערט געוועהנליך געפייערט דעם לעצטען דאנערשטאג פון נאוועמבער].

thank'worthy *a.* (טהענק'-הוואיר-טהי) דאנקווירדיג; וואס איז ווערטה בעדאנקט צו ווערען.

thank'-you-ma'am *n.* (טהענק'-יו-מעם) א נידריג טרעפעל פון אנגעשאטענער ערד איבער א וועג, וואס געהט בארג-אראב, כדי צו פערהאלטען א וואגען ער זאל ניט אראבלויפען צו האסטיג, ווי אויך אבצוקעהרען די ריכטונג פון רעגען-וואסער עס זאל ניט פליסען איבער'ן וועג.

Tharge'lia *n.* (טהאר-גי'-לי-א) אין אלט-גריכענלאנד — די טארגעליען, א יום-טוב אין דער שטאדט אטהען וואס פלעגט געפייערט ווערען צוויי טעג לכבוד די געטער אפאלא און ארטעמים.

Tharge'lion *n.* (טהאר-גי'-לי-אן) ביי די אלטע גריכען — דער חדש טארגעליאן, דער עלפטער חדש פון יאהר [ענטשפרעכענד די לעצטע וואכען פון מאי און די ערשטע וואכען פון יוני].

that *pr., a., c. and adv.* (טהעט) .1 יענער, יענע, יענעס; .2 דעריעניגער, די יעניגע, דאס יעניגע. דער דאזיגער, די דאזיגע, דאס דאזיגע [געברויכט אין דיעזען זין אום אויסצומיידען א ווידערהאלונג]; .3 דאס; .4 דאס וואס; .5 וועלכער, וועלכע, וועלכעס; וואס; .6 אז; .7 וויל; .8 אום, כדי; .9 אזוי ווי; .10 הלואי; .11 אזוי.

2. This is my judgment and **that** of my friend's. 3. He is scrupulously honest and **that** makes him the favorite of the people. 5. He is the man **that** I spoke of. 6. Who is so firm **that** he cannot be persuaded? 7. It is not **that** I am not interested in your proposition, but I am too busy to consider it. 8. Treat him kindly **that** he may wish to stay with us. 10. This was our first quarrel and would **that** it might be the last. 11. You cannot go **that** far in denouncing him.

that be'ing so (טהעט בי'-אינג סאו) אזוי ווי...; אננעהמענדיג דאס...

That being so I must not delay here any longer.

thatch *n. and v.* (טהעטש) דאס דאך-שטרוי; ראהר אדער טראסטניק צו דעקען א דאך; א פאלמע וועמעס בלעטער ווערען בענוצט צו דעקען דעכער; מאכען א דאך פון שטרוי אדער ראהר.

thatched house (טהעטשט האוס) א הויז בעדעקט מיט שטרוי.

thatch'er *n.* (טהעטש'-ער) א שטרוי-דעקער [איינער וואס דעקט דעכער מיט שטרוי].

thatch'-grass *n.* (טהעטש'-גרעס) גראז וואס ווערט בענוצט צו דעקען דעכער.

thatch'ing *n.* (טהעטש'-אינג) דאס דעקען דעכער מיט שטרוי אדער ראהר; דאס גראז-ארטיגע מאטעריאל וואס ווערט בענוצט צו דעקען דעכער.

thatch'y *a.* (טהעטש'-אי) פון דאך-שטרוי; עהנליך צו דאך-שטרוי.

that is (טהעט איז) דאס הייסט; דאס מיינט; דאס איז.

that is to say (טהעט איז טו סיי) דאס הייסט, דאס מיינט, נעמליך.

that one (טהעט הוואן) יענער.

that's the tip (טהעטס טהי טיפ) אט דאס איז דער פונקט, אט וועגען דעם האנדעלט עס זיך.

that's the way (טהעטס טהי הוויי) אזוי! אזוי דארף עס זיין; גוט!

thau'masite *n.* (טהאה'-מע-סאיט) דער טוימאסיט [אזא טונקעל-ווייסער מינעראל].

thaumatog'raphy *n.* (טהאה-מע-טאג'-רע-פי) א בעשרייבונג פון די נאטור-וואונדער.

thau'matrope *n.* (טהאה'-מע-טראופ) א טאומאטראפ, א שפיעלצייג וואס איז געגרינדעט אויף אן אפטישער אילוזיאן [ווי למשל, ווען מען זאל אויף איין זייט פון א רונדער פלאטע אויסמאלען א פויגעל און אויף דער אנדער זייט א שטייג, און מען זאל שנעל דרעהען די פלאטע, דאן וועט מען זעהן אויף איהר ניט צוויי בעזונדערע צייכנונגען, נאר איינע — א פויגעל אין א שטייג].

thau'maturge *n.* (טהאה'-מע-טוירדזש) א טאומאטורג, א וואונדער-מאכער, א בעל-מופת; איינער וואס בעווייזט וואונדערליכע אדער כלומר'שט איבערנאטירליכע זאכען.

thaumatur'gic *a.* (טהאה-מע-טויר'-דזשיק) טאומאטורגיש; וואס איז שייך צו מופתים אדער וואונדערליכע זאכען; מאגיש.

thaumatur'gical *a.* (טהאה-מע-טויר'-דזשי-קעל) ז. ***thaumaturgic***

thaumatur'gics *n.* (טהאה-מע-טויר'-דזשיקס) צויבער-קונסט, מאגיק, וואונדער-טהועריי.

thaumatur'gism *n.* (טהאה-מע-טויר'-דזשיזם) ז. ***thaumaturgy***

thau'maturgist *n.* (טהאה'-מע-טויר-דזשיסט) ז. ***thaumaturge***

thaumatur'gus *n.* (טהאה-מע-טויר'-גאס) א וואונדער-מאכער, א וואונדער-טהוער; א בעל-מופת.

thau'maturgy *n.* (טהאה'-מע-טויר-דזשי) וואונדער-טהועריי, די קונסט צו מאכען וואונדער; מאגיק; צויבער-קונסט.

thaw *v. and n.* (טהאה) טויען, צוגעהן,

צושמאלצען ווערען [וועגען שנעע און
אייז]; אבגעהן [ווערען ווארימער, זיך
בעפרייען פון פראסט]; אבלאזען, ווערען
ווארימער [וועגען וועטער, ביי וועלכען
דאס אייז אדער שנעע נעהמען צוגעהן];
מאכען אן אדליגע אדער טוי=וועטער;
שמעלצען, פאנאנדערלאזען [שנעע אדער
אייז]; לאזען אבגעהן [פערפרארענע זא=
כען]; ווערען פרייער, ווערען ווענינער
שטייף [אין האלטונג]; מאכען פרייער,
מאכען ווענינער שטייף, בעפרייען פון
פערלעגענהייט [אין האלטונג]; א טוי=
וועטער, אן אדליגע; שמעלצונג, דאס צו=
געהן; דאס אבגעהן; דאס ווערען ווענינער
שטייף.

thaw'-drop *n.* (טהאה'-דראפ) א טרא=
פען פון צושמאלצענעם שנעע אדער אייז.

thaw'less *a.* (טהאה'-לעס) אהן אן אדלי=
גע אדער טוי=וועטער, ניט שמעלצענד
[שנעע אדער אייז].

thaw'y *a.* (טהאה'-אי) אויפטויענד,
שמעלצענד [שנעע אדער אייז]; וואס
פערראורזאכט אן אדליגע אדער טוי=וועטער.
This is the first **thawy** day in February.

the *adv.* (טהי) 1. דער, די, דאס;
2. דעסטא, אלץ.
2. Is he here? **The** better for all of us.

the ... the (טהי ... טהי) וואס — אלץ,
וואס — דעסטא.
Come to see us, **the** sooner **the** better.

The'a *n.* (טהי'-א) דער מין טהעע=פלאנ=
צען.

the above' (טהי ע-באוו') דאס אוי=
בערשטע, דאס אויבער=דערמאנטע, הנ"ל.

thean'dric *a.* (טהי-ענ'-דריק) גאט=
מענשליך, געטליך און מענשליך אין איין
און דערזעלבער צייט [ווי קריסטוס לויט
דער קריסטליכער טעאלאגיע].

thean'dric opera'tion (טהי-ענ'-
דריק אפ-ע-ריי'-שאן) אין דער קריסטלי=
כער טעאלאגיע — די הארמאנישע צוזא=
מענווירקונג פון דער געטליכער און מענש=
ליכער נאטור ביי קריסטוס'ען.

theanthrop'ic *a.* (טהי-ענ-טהראפ'-
איק) ז. *theandric*.

theanthrop'ical *a.* (טהי-ענ-טהראפ'-
אי-קעל) ז. *theandric*.

thean'thropism *n.* (טהי-ענ'-טהרא-
פיזם) גאט=מענשליכקייט, דאס זיין אי
געטליך אי מענשליך אין איין און דער=
זעלבער צייט [ווי קריסטוס לויט דער
קריסטליכער טעאלאגיע]; דער גלויבען
אין גאט=מענשליכקייט; פערגעטליכונג פון
מענשען; פערמענשליכונג פון דער גאט=
הייט.

thean'thropy *n.* (טהי-ענ'-טהרא-פי)
גאט=מענשליכקייט; דער גלויבען אין גאט=
מענשליכקייט. ז. *theanthropism*.

the'archy *n.* (טהיע'-אר-קי) גאטעס=הער=
שאפט; טעאקראטיע [ז. *theocracy*];
א געטער=קלאס, א געטער=היעראַרכיע.

the'ater *n.* (טהיע'-ע-טער) 1. א טעא=
טער; א זאל געבויט ווי א טעאטער [מיט
שטופענווייזע שטייגונגען פון דיל]; א
פלאץ מיט שטופענווייזע שטייגונגען; אן
אמפיטעאטער; 2. א רעזערוואואר, א בא=
סיין; 3. א שוי=פלאץ; א פלאץ וואו
עפעס קומט פאר; 4. די ביהנע, די דרא=
מא, די דראמאטישע קונסט, די דראמא=
טישע ליטעראטור.
3. The city is the **theater** of war between political factions. 4. He is working on a history of the American **theater**.

the'ater-go'er *n.* (טהיע'-ע-טער-גאו'-
ער) א טעאטער=געהער, א טעאטער=בעזו=
כער.

the'ater-go'ing *n.* (טהיע'-ע-טער-גאו'-
אינג) אפטער טעאטער=בעזוך.

the'ater-par'ty *n.* (טהיע'-ע-טער-.
פאר'-טי) אן אונטערהאלט, נאך וועלכען
אדער פאר וועלכען די געסט בעזוכען א
טעאטער.

The'atin *n. and a.* (טהיע'-ע-טין) א
טהעאטינער [א מאנאך פון א געוויסען
קאטוילישען ארדען, וועלכער האט זיך גע=
גרינדעט אין יאהר 1524 מיט'ן צוועק צו
בעקעמפפען די רעפארמאציאן]; טהעאטי=
ניש, וואס איז שייך צו די טהעאטינער.

The'atine *n. and a.* (טהיע'-ע-טין)
ז. *Theatin*.

the'atre *n.* (טהיע'-ע-טער) ז. *theater*.

theat'ric *a.* (טהי-עט'-ריק) וואס איז
שייך צו טעאטער; ביהנענמעסיג; טעא=
טראליש. ז. *theatrical*.

theat'rical *a. and n.* (טהי-עט'-רי-
קעל) 1. וואס איז שייך צו טעאטער אדער
טעאטער=פארשטעלונגען; ביהנענמעסיג;
2. וואס בעצוועקט צו ציהען אויפמערק=
זאמקייט, עקסטראוואגאנט, אויסשטעלע=
ריש; 3. טעאטראליש, געמאכט, געקינ=
סטעלט, ניט נאטירליך; 4. אן אקטיאר.
2. She is always dressed in ridiculous **theatrical** costumes. 3. He is the laughing stock of the town on account of his **theatrical** manners.

theat'ricalise *v.* (טהי-עט'-רי-קעל-
איז) ז. *theatricalize*.

theat'ricalism *n.* (טהי-עט'-רי-קעל-
איזם) ביהנען=פארשטעלונג, די טעאריע
אדער די מעטאדען פון טעאטער=אויפפיה=
רונג; טעאטראלישקייט, געקינסטעלטקייט,
געמאכטקייט, אוננאטירליכקייט.

theatrical'ity *n.* (טהי-עט-רי-קעל'-אי-
טי) ביהנענמעסיגקייט; טעאטראלישקייט,
געקינסטעלטקייט.

theat'ricalize *v.* (טהי-עט'-רי-קעל-
איז) מאכען ביהנענמעסיג, דראמאטיזירען,
איבערגעבען אין א דראמאטישער פארם.

theat'rically *adv.* (טהי-עט'-רי-קעל-
אי) אויף א ביהנענמעסיגען אופן; אויף
א טעאטראלישען, געקינסטעלטען אדער
ניט נאטירליכען שטייגער.

theat'ricalness *n.* (טהי-עט'-רי-קעל-
נעס) ז. *theatricality*.

theat'ricals *n.* (טהי-עט'-רי-קעלז)
1. אקטיארען; 2. ביהנען=רעקוויזיטען, זא=
כען וואס זיינען נויטיג פאר א ביהנע=
פארשטעלונג; 3. א דראמאטישע פארשטע=
לונג [הויפטזעכליך פון ניט פראפעסיאנע=
לע שפּיעלער].
3. Private **theatricals** are the latest craze of the society.

the'ca *n.* (טהיע'-קא) א קעסטעל; אן
איינהילונג, א צודעק; א שייד; א קאפ=
סול.

thee *pr.* (טהיע) דיר, דיך; דיין. ז. *thou*.

theft *n.* (טהעפט) גנבה; א גנבה.

thegn *n.* (טהיין) ז. *thane*.

thegn'hood *n.* (טהיינ'-הוד)
ז. *thanehood*.

the'ic *n.* (טהיע'-איק) א טהעע=שכור,
אן איבערמעסיגער טהעע=טרינקער, איינער
וואס טרינקט צו פיעל טהעע.

the'iform *a.* (טהיע'-אי-פארם) טהעע=
עהנליך.

the'in *n.* (טהיע'-אין) ז. *theine*.

thei'na *n.* (טהי-אי'-נא) ז. *theine*.

the'ine *n.* (טהיע'-אין) טהעאין אדער
קאפעאין [דער עסענץ פון טהעע, קאפע
און אייניגע אנדערע פלאנצען. ווערט גע=
ברויכט אין מעדיצין אלס מיטעל געגען
נערוועזע=קראנקהייטען].

their *pr.* (טהעהר) זייער, זייערע.

theirs *pr.* (טהעהרז) זייערס, דער זייע=
ריגער, די זייעריגע, דאס זייעריגע.

the'ism *n.* (טהיע'-איזם) טעאיזם, דער
גלויבען אין גאט; טהעאיזם, א קראנק=
האפטער צושטאנד וואס קומט פון געברוי=
כען צו פיעל טהעע.

the'ist *n.* (טהיע'-איסט) א טעאיסט, א
גלויביגער, איינער וואס גלויבט אין גאט.

theis'tic *a.* (טהי-איס'-טיק) טעאיסטיש,
גלויביג, וואס גלויבט אין גאט.

theis'tical *a.* (טהי-איס'-טי-קעל)
ז. *theistic*.

them *pr.* (טהעם) זיי. ז. *they*.

the'ma *n.* (טהיע'-מא) [ז. *thesis*] א טהעזיס
; א טהעמא, א געדאנק, דער
גרונד=געדאנק, א בעהויפטונג; א פראווינץ
אין דער פארצייטיגער ביזאנטישער אימ=
פעריע.

themat'ic *a. and n.* (טהי-מעט'-איק)
אין מוזיק — וואס איז שייך צו דער
טהעמא, גרונד=געדאנק אדער גרונד=מאטיוו
[אויף וועלכען עס ווערען געמאכט וואריא=
ציאנען]; וואס איז שייך צו דער גרונד=
פארם פון א ווארט [אהן די ענדונגען];
דער טייל פון לאגיק וואס בעשעפטיגט זיך
מיט טהעמאס אדער גרונד=געדאנקען.

themat'ical *a.* (טהי-מעט'-אי-קעל) אין
מוזיק — וואס איז שייך צום גרונד=מא=
טיוו; וואס איז שייך צו דער גרונד=פארם
פון א ווארט. ז. *thematic*.

themat'ically *adv.* (טהי-מעט'-אי-
קעל-אי) אין בעצוג צו דער טהעמא, צום
גרונד=געדאנק, צום גרונד=מאטיוו אדער צו
דער גרונד=פארם.

theme *n.* (טהיעם) א טהעמא, א געגענ=
שטאנד פון א רעדע אדער שריפטליכער
אבהאנדלונג; א קורצע אבהאנדלונג אויף
א געגעבענער טהעמא, א שול=קאמפאזי=
ציאן [אויף א געגעבענער טהעמא]; דער
גרונד=טייל פון א ווארט [אהן די ענדונ=
גען]; דער גרונד=מאטיוו פון א מוזיקא=
לישער קאמפאזיציאן [אויף וועלכען עס
ווערען געמאכט וואריאציאנען]; א גרונד=
געדאנק; א פראווינץ אין דער פארציי=
טיגער ביזאנטישער אימפעריע.

The'mis *n.* (טהיע'-מיס) טהעמיס, די
אלט=גריכישע געטין פון גערעכטיגקייט;
דער 24טער פלאנעטאאיד [איינער פון די
פיעלע קליינע פלאנעטען וואס בעוועגען
זיך ארום דער זון צווישען מארס און יו=
פיטער].

themselves' *pr.* (טהעם-סעלוווז') זיי
זעלבסט, זיי אליין; זיך; זיך זעלבסט.

then *adv., c. and a.* (טהען) 1. דעמאלט,
דאמאלס; 2. נאכדעם; 3. דאן, טא, אלזא,
אין אזא פאל; 4. דאמאלדיג.
1. **Then** I was not prepared to take up the matter. 2. I shall stay one day in Boston, **then** I shall proceed to Portland. 3. If our plans fail we shall **then** consider your offer.

then'adays *adv.* (טהענ'-ע-דייז) אין
יענע, דאמאלסדיגע טעג, דעמאלט.

then and there (טהען ענד טהעהר)
באלד, אויף'ן פלאץ.
I accepted his offer **then and there**.

thence *adv.* (טהענס) פון דאנען; פון
דארטען; פון דעמאלט אן; דעריבער; ניט
פאראן, אבוועזענד.

thence'forth' *adv.* (טהענס'-פאהרטה')
פון דעמאלט אן, זייט דאן.

thence'for'ward *adv.* (טהענס'-פאהר'-
הווארד) פון דעמאלט אן; פון דארטען אן.

thence'from' *adv.* (טהענס'-פראם') פון
דארטען.

theoc'racy *n.* (טהי-אק'-רע-סי) טעא=
קראטיע, גאטעס=הערשאפט, פריסטער=

הערשאפט [אזא רעגירונגס־פארם, וואו גאט ווערט גערעכנט אלס דער אונמיטעלבארער הערשער פון פאלק און אלע זיינע בעפעהלען און פעראָרדנונגען ווערען איבערגעגעבען דורך זיינע נאהענטסטע מקורבים, דורך די כהנים אדער נביאים. די גאנצע געזעצגעבונג בעקומט דעם כאראקטער פון פערהייליגטע דינים און מצוות (ווי עס איז געווען ביי די פארצייטיגע אידען), און דער פריסטער־קלאס ווערט דער רעגירענדער עלעמענט פון פאלק].

theoc'rasy *n.* (טהי־אק׳־רע־סי) א פארם פון רעליגיאָן, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר א געמיש פון קולט אדער דיענונג צו פערשיעדענע געטער; אין דער מיסטישער פילאזאפיע פון מיטעלאלטער — די פערשמעלצונג אדער אינעריליכע פערבינדונג פון דער נשמה מיט גאט אין דענקען וועגען געטליכקייט [דבקות].

the'ocrat *n.* (טהי׳־א־קרעט) א טעאקראט, א הערשער אין א טעאקראטישער ארדנונג. ז. *theocracy*.

theocrat'ic *a.* (טהיע־א־קרעט׳־איק) טעאקראטיש; וואס איז שייך צו א טעאקראטיע. ז. *theocracy*.

theocrat'ical *a.* (טהיע־א־קרעט׳־אי־קעל) ז. *theocratic*.

theoc'ratist *n.* (טהי־אק׳־רע־טיסט) אן אנהענגער פון די פרינציפען פון טעאקראטיע [איינער וועלכער האלט אז די ארגאניזאציאן און די רעגירונג פון דער געזעלשאפט איז א רעזולטאט פון א דירעקטען בעפעהל פון גאט, וואס איז איבערגעגעבען געווארען דורך ענטפלעקונג צו די כהנים אדער נביאים].

Theocrite'an *a.* (טהי־אק־רי־טי׳־ען) וואס איז שייך צום גריכישען פאעט טעאקריט, דער גרינדער פון דער אידילישער פאעזיע. ז. *idyl*.

theod'icy *n.* (טהי־אד׳־אי־סי) די טעאדיצעע, די רעכטפערטיגונג פון גאט [א פילאזאפיש־רעליגיעזע לעהרע, וואו עס ווערט דערוויזען, אז גאט׳ס הייליגקייט און גערעכטיגקייט ווערט ניט געמינדערט צוליעב דעם, וואס ער האט בעשאפען א וועלט, וואס איז פול מיט איבעל און רשעות].

theod'olite *n.* (טהי־אד׳־א־לאיט) א טעאדאליט, אזא מעסטונגס־אינסטרומענט מיט א שפאקטיוו, דורך וועלכען מען קען מיט א גענויער פינקטליכקייט אויסמעסטען פערשידענע האריזאנטאלע און ווערטיקאלע ווינקלען [ווערט בענוצט אין לאנדמעסטונג].



Theodolite

theodolit'ic *a.* (טהי־אד־א־ליט׳־איק) וואס איז שייך צו א טעאדאליט; וואס איז געמאסטען געווארען דורך א טעאדאליט. ז. *theodolite*.

theogon'ic *a.* (טהיע־א־גאנ׳־איק) טעאגאניש; וואס איז שייך צו טעאגאניע. ז. *theogony*.

theog'onist *n.* (טהי־אג׳־א־ניסט) א טעאגאניסט, א קענער אין טעאגאניע. ז. *theogony*.

theog'ony *n.* (טהי־אג׳־א־ני) טעאגאניע, געטער־אבשטאמונג [די זאגע אדער די לעהרע וועגען דער אבשטאמונג פון די געטער].

theol. פערקירצונג פון *theology*.

the'olog *n.* (טהיע׳־א־לאג) ז. *theologue*.

theol'ogaster *n.* (טהי־אל׳־א־געס־טער) איינער וואס גיט זיך אויס פאר א קענער אין טעאלאגיע אדער רעליגיאנס־פראגען.

theolo'gian *n.* (טהי־א־לאו׳־דזשיען) א טעאלאג, א קענער פון טעאלאגיע. ז. *theology*.

theolog'ic *a.* (טהיע־א־לאדזש׳־איק) ז. *theological*.

theolog'ical *a.* (טהיע־א־לאדזש׳־אי־קעל) טעאלאגיש; וואס איז שייך צו טעאלאגיע. ז. *theology*.

theolog'ically *adv.* (טהיע־א־לאדזש׳־אי־קעל־אי) אויף א טעאלאגישען שטייגער; לויט די פרינציפען פון טעאלאגיע; בנוגע צו טעאלאגיע. ז. *theology*.

theol'ogise *v.* (טהי־אל׳־א־דזשאיז) ז. *theologize*.

theol'ogist *n.* (טהי־אל׳־א־דזשיסט) ז. *theologian*.

theologi'um *n.* (טהי־א־לא־דזשאי׳־אם) א קליינער אויבערשטער באלקאן אויף דער סצענע פון א פארצייטיגען טעאטער, וואו עס פלעגען ארויסטרעטען די אקטיארען, וועלכע פלעגען פארשטעלען געטער אדער געטינען.

theol'ogize *v.* (טהי־אל׳־א־דזשאיז) טעאלאגיזירען, דענקען איבער טעאלאגישע פראגען; זיך מפלפל זיין וועגען אמונה־זאכען; מאכען טעאלאגיש, בענוצען א טעאריע אדער א פילאזאפישע סיסטעם אלס א רעליגיאנס־לעהרע.

the'ologue *n.* (טהיע׳־א־לאג) א טעאלאג, א קענער פון טעאלאגיע. ז. *theology*.

theol'ogy *n.* (טהי־אל׳־א־דזשי) טעאלאגיע, רעליגיאנס־וויסענשאפט.

theom'achist *n.* (טהי־אמ׳־ע־קיסט) א קעמפפער געגען גאט אדער געגען די געטער [ווי אין פארצייטיגע מיטאלאגיען — די נפילים אדער די ריזען, וועלכע האָבען געקעמפפט געגען די געטער].

theom'achy *n.* (טהי־אמ׳־ע־קי) א קאמפף געגען גאט אדער געגען די געטער [ז. *theomachist*]; אפאזיציאן אדער געגנערשאפט צום געטליכען ווילען.

the'omancy *n.* (טהיע׳־א־מענ־סי) דאס נביאות־זאגען לויט די ענטפערס פון ארא־קעל. ז. *oracle*.

theoma'nia *n.* (טהיע־א־מיי׳־ני־א) טעאמאניע, א משוגעת וועו דער קראנקער איז איינגעגלויבט, אז ער איז גאט אדער אז גאט געפינט זיך אין איהם.

theoma'niac *n.* (טהיע־א־מיי׳־ני־עק) א טעאמאניאק, א משוגע׳נער, וועלכער איז איינגעגלויבט, אז ער איז גאט אדער אז די גאטהייט רוהט אין איהם.

theoman'tic *a.* (טהיע־א־מענ׳־טיק) וואס איז שייך צום נביאות־זאגען לויט די ענטפערס פון אן אראקעל. ז. *theomancy*.

theomor'phic *a.* (טהיע־א־מאהר׳־פיק) וואס האט די פארם אדער די עהנליכקייט פון גאט.

theomor'phism *n.* (טהיע־א־מאהר׳־פיזם) גאט־עהנליכקייט.

Theopas'chite *n.* (טהיע־א־פעס׳־קאיט) אין טעאלאגיע — איינער וואס האלט, אז גאט, אין דער פערזענליכקייט פון יעזוס קריסטוס, האט געליטען יסורים און איז געקרייציגט געווארען.

theopathet'ic *a.* (טהיע־א־פע־טהעט׳־איק) ז. *theopathic*.

theopath'ic *a.* (טהיע־א־פעטה׳־איק) טעאפאטיש; וואס איז שייך צו טעאפאטיע. ז. *theopathy*.

theop'athy *n.* (טהי־אפ׳־ע־טהי) טעאפאטיע, גאטעס־ליעבע, ליעבע צו גאט, פרומקייט.

Theoph'any *n.* (טהי־אפ׳־ע־ני) ז. *Epiphany*.

theoph'any *n.* (טהי־אפ׳־ע־ני) טעאפאניע, די ענטפלעקונג פון גאט.

theophilanthrop'ic *a.* (טהיע־א־פיל־ען־טהראפ׳־איק) טעאפילאנטראפיש; וואס פעראייניגט די ליעבע צו גאט מיט דער ליעבע צו מענשען.

theophilan'thropism *n.* (טהיע־א־פי־לענ׳־טהרא־פיזם) טעאפילאנטראפיזם, די פעראייניגונג פון דער ליעבע צו גאט מיט דער ליעבע צו מענשען.

theophilan'thropist *n.* (טהיע־א־פי־לענ׳־טהרא־פיסט) א טעאפילאנטראפ, איינער וואס פעראייניגט די ליעבע צו גאט מיט דער ליעבע צו מענשען; איינער פון א געזעלשאפט, וואס האט זיך אויסגעבילדעט אין פאריז אין די צייטען פון דער דירעקטאריום [ז. *Directory*] מיט דעם צוועק צו גרינדען א נייע רעליגיאן אנשטאט קריסטענטום. דיעזע רעליגיאן האט געזאלט זיין א ריין דעאיסטישע, ד. ה. זי האט געזאלט אנערקענען, אז גאט עקזיסטירט, נאר ער האט זיך קיינמאל ניט ענטפלעקט צו די מענשען.

theophilan'thropy *n.* (טהיע־א־פי־לענ׳־טהרא־פי) ז. *theophilanthropism*.

the'ophile *n.* (טהיע׳־א־פיל) א טעאפיל, איינער וואס האט ליעב גאט.

theophilosoph'ic *a.* (טהיע־א־פיל־א־סאפ׳־איק) טעאפילאזאפיש; וואס איז שייך צו דער פעראייניגונג פון טעאיזם [דער גלויבען אין גאט] און פילאזאפיע.

theopneus'tic *a.* (טהיע־אפ־ניוס׳־טיק) געגעבען ברוח הקודש.

the'opneusty *n.* (טהיע׳־אפ־ניוס־טי) די געטליכע השפעה; דער רוח הקודש.

theor'bo *n.* (טהי־אהר׳־באו) די טעארבא [אזא אלטפרענקישער מוזיקאלישער אינסטרומענט, עהנליך צו א גיטארע מיט צוויי רייהען סטרונעס].

the'orem *n.* (טהיע׳־א־רעם) א טעארעם, א טעארעטישער כלל, וועמעס ריכטיגקייט איז ניט אויגענשיינליך, נאר זי דארף דערוויזען ווערען; אין געאמעטריע — א בעהויפטונג וואס דרינגט אויס א כלל, וועלכער דארף בעוויזען ווערען.

theoremat'ic *a.* (טהיע־א־רע־מעט׳־איק) וואס איז שייך צו א טעארעם. ז. *theorem*.

theoremat'ical *a.* (טהיע־א־רע־מעט׳־אי־קעל) ז. *theorematic*.

theorem'ic *a.* (טהיע־א־רעמ׳־איק) ז. *theorematic*.

theoret'ic *a.* (טהיע-א-רעט'-איק) ז. *theoretical*

theoret'ical *a.* (טהיע-א-רעט'-אי-קעל) טעארעטיש; וואס איז שייך צו א טעאריע; וואס האט דעם כאראקטער פון א טעאריע [ז. *theory*]; ריין וויסענשאפטליך [אהן א שייכות צו פראקטיק]; ספעקולאטיוו, וואס איז א רעזולטאט פון אבסטראקטען דענקען; היפאטעטיש, וואס איז געבויט אויף א השערה.

theoret'ically *adv.* (טהיע-א-רעט'-אי-קעל-אי) אויף א טעארעטישען שטייגער; פון א טעארעטישען שטאנדפונקט. ז. *theoretical*

theoreti'cian *n.* (טהיע-א-רע-טיש'-ען) א טעארעטיקער; א קענער פון די טעאריען פון א געוויסער וויסענשאפט אדער קונסט.

theoret'ics *n.* (טהיע-א-רעט'-איקס) דער טעארעטישער טייל פון א וויסענשאפט.

theor'ic *a.* (טהי-אר'-איק) וואס איז שייך צו עפענטליכע פארשטעלונגען אדער פאראדען.

theor'ic fund (טהי-אר'-איק פאנד) ז. *theoricon*

theor'icon *n.* (טהי-אר'-אי-קאן) אין אלט-גריכענלאנד [אין אטהען] — טעאריקאן, א טייל פון קהל'שען געלד וואס פלעגט צוטיילט ווערען צווישען די ארימע בירגער פאר זיץ-פלעצער אין טעאטער און אין אנדערע שוי-פלעצער.

theorisa'tion *n.* (טהיע-א-רי-זיי'-שאן) ז. *theorization*

the'orise *v.* (טהיע'-א-ראיז) ז. *theorize*

the'orist *n.* (טהיע'-א-ריסט) איינער וואס גיט זיך אב מיט טעאריען אדער אבסטראקטען דענקען.

theoriza'tion *n.* (טהיע-א-רי-זיי'-שאן) דאס טעארעטיזירען, דאס מאכען טעאריען; דאס אבגעבען זיך מיט אבסטראקטען דענקען.

the'orize *v.* (טהיע'-א-ראיז) טעארעטיזירען; בילדען א טעאריע אדער טעאריען; זיך אבגעבען מיט אבסטראקטען דענקען.

the'orizer *n.* (טהיע'-א-ראי-זער) ז. *theorist*

the'orizing *n. and a.* (טהיע'-א-ראי-זינג) דאס טעארעטיזירען, דאס בילדען טעאריען; דאס אבגעבען זיך מיט אבסטראקטען דענקען; ספעקולאטיוו; וואס איז געבויט אויף אבסטראקטען דענקען.

the'ory *n.* (טהיע'-א-רי) א טעאריע, אן אלגעמיינער וויסענשאפטליך בעגרינדעטער פרינציפ אדער כלל, דורך וועלכען עס ווערט ערקלערט א גאנצע רייה פון ערשיינונגען; דער סכום פון די פונדאמענטאלע פרינציפען אדער כללים, אויף וועלכע עס איז געבויט א געוויסע וויסענשאפט אדער קונסט; ריינע וויסענשאפט, אבסטראקטעס דענקען [אין גענענזאץ צו פראקטיק]; א השערה, א סברא.

the'osoph *n.* (טהיע'-א-סאף) ז. *theosophist*

theos'opher *n.* (טהי-אס'-א-פער) ז. *theosophist*

theosoph'ic *a.* (טהיע-א-סאפ'-איק) ז. *theosophical*

theosoph'ical *a.* (טהיע-א-סאפ'-אי-קעל) טעאסאפיש; וואס איז שייך צו טעאסאפיע. ז. *theosophy*

theosoph'ically *adv.* (טהיע-א-סאפ'-אי-קעל-אי) אויף א טעאסאפישען שטייגער; פון א טעאסאפישען שטאנדפונקט. ז. *theosophy*

theos'ophism *n.* (טהי-אס'-א-פיזם) טעאסאפיזם, טעאסאפישער גלויבען. ז. *theosophy*

theos'ophist *n.* (טהי-אס'-א-פיסט) א טעאסאפיסט, אן אנהענגער פון טעאסאפיע. ז. *theosophy*

theos'ophy *n.* (טהי-אס'-א-פי) טעאסאפיע, א מיסטישע לעהרע, וועלכע גרינדעט זיך אויף דעם גלויבען, אז די דירעקטע און אמת'ע קענטנים פון גאט און געטליכקייט ווערט דערגרייכט ניט דורך אפענבארונג אדער ענטפלעקונג, נאר דורך אן אינערליכער געטליכער השפעה; די לעהרען און פרינציפען פון דער "טעאסאפישער געזעלשאפט" [א סעקטע, וועלכע האט זיך געגרינדעט אין ניו יארק אין יאהר 1875 און האט אנגענומען די הויפט-אידעען און לעהרען פון דער בודיסטישער און בראהמאניסטישער רעליגיאן].

Theot'ocos *n.* (טהי-אט'-א-קאס) גאט'ס מוטער; די הייליגע מאריע.

therapeu'sis *n.* (טהער-ע-פיו'-סיס) ז. *therapeutics*

Therapeu'tæ *n.* (טהער-ע-פיו'-טי) די טעראפעווטען [א מיסטישע און אסקעטישע סעקטע ביי די פארצייטיגע אידען ארום אלעקסאנדריע פון מצרים].

therapeu'tic *a.* (טהער-ע-פיו'-טיק) היילענד, וואס היילט; וואס איז שייך צו טעראפיע [די קונסט פון היילען קראנקהייטען].

Therapeu'tic *n.* (טהער-ע-פיו'-טיק) איינער פון די טעראפעווטען. ז. *Therapeutæ*

therapeu'tical *a.* (טהער-ע-פיו'-טי-קעל) ז. *therapeutic*

therapeu'tics *n.* (טהער-ע-פיו'-טיקס) טעראפיע, די הייל-לעהרע [די לעהרע וועגען היילען קראנקהייטען].

ther'apy *n.* (טהער'-ע-פי) ז. *therapeutics*

there *adv. and int.* (טהעהר) 1. דארט, דארטען; 2. אהין; 3. אויף דעם, אויף דיעזען פונקט, אין דעם צושטאנד; 4. אט, אט דא; 5. אט דאס! אט אזוי! 6. עס [ווי: עס איז, עס זיינען, עס גיבט, עס גיבען א. ז. וו.]; 7. נא! נו! אט!

1. You will find him **there**. 2. I will go **there** to-morrow. 3. You have done enough, you may stop **there**. 4. **There** is my hand. 5. **There's** a good boy! 6. **There** is no peace for the wicked. 7. **There!** What did I tell you!

there'about *adv.* (טהעהר'-ע-באוט) ערגעץ דארטען; אונגעפעהר, אן ערך.

there'abouts *adv.* (טהעהר'-ע-באוטס) ז. *thereabout*

thereaf'ter *adv.* (טהעהר-עפ'-טער) דערנאך; לויט דעם; ווערליג.

there'against' *adv.* (טהעהר'-ע-געגסט') געגען דעם; אין געגענזאץ צו עפעס.

there'among' *adv.* (טהעהר'-ע-מאנג') צווישען זיי.

thereat' *adv.* (טהעהר-עט') דארט; דאהין; דאריין, דערביי; דאריבער; דארויף.

there'away *adv.* (טהעהר'-ע-הוויי) פון דאנען אהין; פון דיעזער ריכטונג; אט דא; דא ארום.

there'before' *adv.* (טהעהר'-בי-פאור') פריהער פון דעם; איידער.

thereby' *adv.* (טהעהר-באי') דאדורך; דורך דעם; אין דיעזער שייכות אדער פערבינדונג; ארום דעם; לערך; אונגעפעהר.

therefor' *adv.* (טהעהר-פאהר') דערויף; צוליעב דעם, פאר דעם.

therefore' *adv.* (טהעהר-פאור') דעריבער דארום; אלזא, בכן.

therefrom' *adv.* (טהעהר-פראם') דערפון; דארוים.

therein' *adv.* (טהעהר-אין') דעריין; אין דיעזער צייט; אין דיעזען ארט; אין דיעזער שייכות.

therein'af'ter *adv.* (טהעהר-אינ'-עפ'-טער) אונטען אדער שפעטער אין דערזעלביגער שריפט אדער דאקומענט.

therein'before' *adv.* (טהעהר-אינ'-בי-פאור') אויבען אדער פריהער אין דערזעלביגער שריפט אדער דאקומענט.

therein'to *adv.* (טהעהר-אינ'-טו) אהין-צו.

thereof' *adv.* (טהעהר-אוו') דערפון.

thereol'ogy *n.* (טהער-אי-אל'-א-דזשי) ז. *therapeutics*

thereon' *adv.* (טהעהר-אן') אויף דעם; דערויף.

thereout' *adv.* (טהעהר-אוט') פון דעם; דערפון.

therethrough' *adv.* (טהעהר-טהרוה') דורך דעם; מיט דער הילף פון דעם.

thereto' *adv.* (טהעהר-טו') צו דעם; דערצו.

thereun'der *adv.* (טהעהר-אנ'-דער) אונטער דעם; דערונטער.

thereun'to *adv.* (טהעהר-אנ'-טו) ז. *thereto*

thereupon' *a.* (טהעהר-א-פאן') אויף דעם; דארויף; אין פאלגע פון דעם; זאגלייך, באלד נאך דעם.

therewith' *adv.* (טהעהר-הוויטה') מיט דעם; דערמיט; אויסער דעם, איבער דעם, צוגלייך.

therewithal' *adv.* (טהעהר-הוויטה-אהל') חוץ דעם; צוגעבענדיג נאך; אויך.

the'riac *n. and a.* (טהיע'-רי-עק) דאס געגען-גיפט [א געמיש פון פערשיעדענע רפואות וואס דיענט אלס א הייל-מיטעל געגען א גיפטיגען ביס פון א חיה]; וואס דיענט אלס רפואה; מעדיציניש.

theri'aca *n.* (טהי-ראי'-ע-קא) דאס געגען-גיפט. ז. *theriac*

theri'acal *a.* (טהי-ראי'-ע-קעל) וואס געהערט צו געגען-גיפט, געגען-גיפטיג; וואס דיענט אלס רפואה אדער געגען-גיפט; היילענד; מעדיציניש.

the'rial *a.* (טהיע'-רי-על) ז. *theriacal*

the'riomancy *n.* (טהיע'-רי-א-מענ-סי) דאס נביאות-זאגען לויט די סמנים, וואס עס צייגען ארויס חיות.

theriot'omy *n.* (טהיע-רי-אט'-א-מי) די אנאטאמיע פון חיות.

therm *n.* (טהוירם) אין פיזיק — א ווערמע-איינהייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין דער מאס ווארימקייט וואס איז נויטיג צו דערהיצען א גראם וואסער פון 0 גראד אויף 1 גראד צעלזיוס.

ther'mæ *n.* (טהויר'-מיע) הייסע וואסער-קוואלען, הייסע בעדער; א פאלקס-באד ביי די אלטע רוימער און גריכען.

ther'mal *a.* (טהויר'-מעל) ווארעם; וואס קומט פון ווארימקייט; וואס איז שייך צו הייסע וואסער-קוואלען אדער הייסע בעדער.

ther'mal equa'tor (טהויר'-מעל אי-קהוויי'-טאר) דער ווערמע-עקוואטאר [די ליניע פון דעם ערד-קוגעל וואו די היץ איז אם גרעסטען].

ther'mally *adv.* (טהויר'-מעל-אי) אין בעצוג צו היץ אדער ווארימקייט.

ther'mal u'nit (טהויר'-מעל יו'-ניט) א ווערמע=איינהייט [אן איינהייט צו מעסטען ווארימקייט. זי ווערט אויסגעדריקט דורך דער מאס ווארימקייט, וואס איז נויטיג צו דערהיצען א קילאגראם אדער א גראם וואסער פון 0 גראד ביז 1 גראד].

thermatol'ogy *n.* (טהויר-מע-טאל'-א-דזשי) די וויסענשאפט וועגען דער בעהאנדלונג פון קראנקהייטען דורך ווארימקייט, ווי דורך הייסע מינעראל=בעדער א. ד. ג.

ther'mic *a.* (טהויר'-מיק) ווארים; וואס קומט פון ווארימקייט.

Thermidor' *n.* (טער-מי-דאהר') טערמידאר [דער 11טער חדש פון פראנצויזישען רעפובליקאנישען קאלענדאר אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן. ער האט זיך גערעכענט פון 19טען יולי ביז דעם 27טען אויגוסט].

Thermido'rian *n. and a.* (טהויר-מי-דאו'-רי-ען) א טערמידאריסט [א מיטגליעד פון דער געמעסיגטער פארטיי אין פראנקרייך, אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואלוציאן, וועלכע האט געשטירצט ראבעספיערען אין דעם חדש טערמידאר]; טערמידאריסטיש, וואס איז שייך צו די טערמידאריסטען.

thermochem'ical *a.* (טהויר-מא-קעמ'-אי-קעל) טערמא=כעמיש, וואס איז שייך צו די כעמישע ערשיינונגען וועלכע זיינען פערבונדען מיט פערשלינגען אדער ענטוויקלען היץ.

thermochem'istry *n.* (טהויר-מא-קעמ'-איס-טרי) טערמא=כעמיע [דער טייל פון כעמיע וואס פערנעהמט זיך מיט די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען כעמישע ווירקונגען און ווארימקייט].

thermodynam'ic *a.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-איק) טערמא=דינאמיש, וואס ווערט פערארזאכט אדער ווערט געטריבען דורך דער קראפט וואס בעקומט זיך פון ווארימקייט; וואס איז שייך צו טערמא=דינאמיק [ז. *thermodynamics*].

thermodynam'ical *a.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-אי-קעל) וואס איז שייך צו טערמא=דינאמיק. ז. *thermodynamics*

thermodynam'ically *adv.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו טערמא=דינאמיק. ז. *thermodynamics*

thermodynam'ics *n.* (טהויר-מא-דאי-נעמ'-איקס) טערמא=דינאמיק [די וויסענשאפט וואס פערנעהמט זיך מיט די בעציהונגען צווישען ווארימקייט און מעכאנישער ארבייט].

ther'mo-elec'tric *a.* (טהויר'-מאו-אי-לעק'-טריק) טערמא=עלעקטריש, וואס איז שייך צו טערמא=עלעקטריציטעט. ז. *thermo-electricity*

ther'mo-elec'trically *adv.* (טהויר'-מאו-אי-לעק'-טרי-קעל-אי) אין בעצוג אדער אין איינקלאנג מיט די געזעצען פון טערמא=עלעקטריציטעט. ז. *thermo-electricity*

ther'mo-electric'ity *n.* (טהויר'-מאו-אי-לעק-טריס'-אי-טי) טערמא=עלעקטריציטעט אדער ווערמע=עלעקטריציטעט [עלעקטריציטעט וואס ווערט ארויסגעבראכט דורך ווארימקייט, ווי צ. ב. ווען די ענדען פון צוויי פערשיעדענע מעטאל=שטרייפען ווערען צונויפגעלייט, וועהרענד די צוויי פרייע ענדען ווערען פערבונדען מיט א דראט, ראן, ווען מען דערהיצט די צונויפגעלייטעטע שטעלע פליסט אן עלעקטרישער שטראם דורך דעם געשלאסענעם קרייז פון די מעטאל=שטרייפען און פון דעם דראט].

ther'mo-electrom'eter *n.* (טהויר'-מאו-אי-לעק-טראמ'-ע-טער) א טערמא=עלעקטראמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען די היץ פון אן עלעקטרישען שטראם אדער צו בעשטימען זיין שטארקייט דורך דער היץ וואס ער גיט ארויס].

thermogenet'ic *a.* (טהויר-מא-דזשי-נעט'-איק) ז. *thermogenic*

thermogen'ic *a.* (טהויר-מא-דזשענ'-איק) וואס גיט ארויס ווארימקייט אדער היץ; וואס איז שייך צו דער פראדוקציאן פון ווארימקייט.

thermog'enous *a.* (טהויר-מאדזש'-ע-נאס) וואס גיט ארויס ווארימקייט אדער היץ.

ther'mogram *n.* (טהויר'-מא-גרעם) א טערמאגראם [א פערצייכנונג פון א טערמאגראף]. ז. *thermograph*

ther'mograph *n.* (טהויר'-מא-גרעף) א טערמאגראף [א טערמאמעטער וואס פערצייכענט אויטאמאטיש דאס שטייגען און דאס פאלען פון דער טעמפעראטור].

thermog'raphy *n.* (טהויר-מאג'-רע-פי) א מעטאדע פון שרייבען ניט מיט געוועהנליכער טינט, נאר מיט אן אנדער פליסיגקייט, וועלכע פאדערט די אנווענדונג פון היץ, אום די בוכשטאבען זאלען זיך בעווייזען אויף'ן פאפיער.

thermokinemat'ics *n.* (טהויר-מא-קינ-אי-מעט'-איקס) טערמא=קינעמאטיק [די לעהרע וועגען דער בעוועגונג פון ווארימקייט].

thermol'ogy *n.* (טהויר-מאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ווארימקייט אדער היץ.

thermomag'netism *n.* (טהויר-מאו-מעג'-נעט-איזם) טערמא=מאגנעטיזם, מאגנעטיזם וואס ווערט ארויסגערופען פון היץ.

thermom'eter *n.* (טהויר-מאמ'-ע-טער) א טערמאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען טעמפעראטור].

thermomet'ric *a.* (טהויר-מא-מעט'-ריק) טערמאמעטריש, וואס איז שייך צו א טערמאמעטער; וואס ווערט געמאכט מיט דער הילף פון א טערמאמעטער.

thermomet'rical *a.* (טהויר-מא-מעט'-רי-קעל) ז. *thermometric*

thermomet'rically *adv.* (טהויר-מא-מעט'-רי-קעל-אי) מיט דער הילף פון א טערמאמעטער.

thermomet'rograph *n.* (טהויר-מא-מעט'-רא-גרעף) א טערמאמעטראגראף [א טערמאמעטער, וואס פערצייכענט אויטאמאטיש די מאקסימאלע און מינימאלע טעמפעראטור].

thermom'etry *n.* (טהויר-מאמ'-ע-טרי) די קונסט אדער די מעטאדע צו מעסטען טעמפעראטור.

thermomo'tive *a.* (טהויר-מא-מאו'-טיוו) וואס איז שייך צו מאשינען, וועלכע ווערען בעטריבען פון דערהיצטע גאזען אדער פון דערהיצטער לופט.

thermomo'tor *n.* (טהויר-מא-מאו'-טאר) א מאשין וואס ווערט בעטריבען פון דערהיצטער לופט.

ther'mophone *n.* (טהויר'-מא-פאון) אן עלעקטרישער אינסטרומענט וועלכער גיט ארויס קלאנגען דורך די ענדערונגען פון דער טעמפעראטור אין דעם שטראם=קרייז.

thermoreg'ulator *n.* (טהויר-מא-רעג'-יו-לייטאר) א פארריכטונג צו רעגולירען די טעמפעראטור פון א הייץ=אפאראט.

throw off (טהראו אף) אוועקווארפען; אראבווארפען; זיך בעפרייען, פטור ווערען; ענטזאגען, אבווארפען; עטוואס טהאן אויף שנעל, מאכען א שנעלען ענטווורף; אנפאנגען די יאגד.

throw′-off *n.* (טהראו׳-אף) דער אנהויב פון א יאגד; א צופעליגער פראדוקט; א פארריכטונג אין א דרוק-מאשין, וואס דערלאזט ניט, אז געוויסע פלעצער פון פאפיער זאלען ווערען בעדרוקט.

throw on (טהראו אן) ארויפווארפען אויף זיך, אנטהאן אויף גיך.

Wait while I **throw on** my coat.

throw one's self down (טהראו הוואנז סעלף דאון) זיך אנידערלעגען.

throw one's self in′to (טהראו הוואנז סעלף אינ׳-טו) זיך אריינווארפען, זיך א נעהם טהאן צו עפּעס.

He **threw himself into** the contest and did good service.

throw one's self on (טהראו הוואנז סעלף אן) זיך פערלאזען, זיך פערטרויען.

Throw yourself on the mercy of God.

throw o′pen (טהראו אופן) 1. פלעצליך אויפעפענען, ברייט אויפעפענען; 2. מאכען אפען פאר אלעמען, געבען א

פרייען צוטריט, אוועקנעהמען אלע שטערונגען.
1. Don't throw open the door. 2. We will throw open the appointment to public competition.

throw o'pen the door to (טהראו אופן טהי דאור טו) געבען א געלעגענהייט.

throw out (טהראו אוט) 1. ארויסווארפען; 2. אויסשליסען; 3. אויסבויען; 4. ארויסגעבען פון זיך; 5. ארויסזאגען, ארויסריידען; 6. אראבשלאגען פון טאלק, צוטומלען; 7. ארויסשלאגען אדער ארויסווארפען פון קאן [אין א שפיעל]; 8. ניט דרוקען ווי געהעריג [וועגען א דרוק-מאשין].
3. He is going to throw out a wing to his building. 4. The lamp throws out a bright light. 5. In his argument he threw out words of contempt for his opponent. 6. It was his deliberate purpose to throw out the speaker by constant interruptions.

throw out of gear (טהראו אוט אוו גיער) ארויסשלאגען פון גאנג, אבשטעלען [וועגען א מאשין]; אראבשלאגען פון וועג, שטערען.

throw o'ver (טהראו או'-ווער) פערלאזען.

throw o'verboard (טהראו או'-ווער-באורד) אויפגעבען, פערלאזען, געבען א שפאציער-צעטעל.

throw'ster *n.* (טהראו'-סטער) א זייד-דרעהער, א זייד-שפינער; איינער וואס שפיעלט אין ווירפעל; אן אזארטנער שפיעלער.

throw stones at (טהראו סטאונז עט) אנגרייפען, טאדלען, בעווארפען מיט שטיינער.

throw togeth'er (טהראו טו-געטה'-ער) צוזאמענווארפען, פעראייניגען, אויף שנעל פארמירען.

throw tongue (טהראו טאנג) ארויסשטעקען די צונג [ווי א הונד].

throw up (טהראו אפ) 1. ווארפען ארויף; 2. אויפהויבען, ארויפהויבען; ארויפציהען; 3. אויפגעבען, פערלאזען, זיך אבזאגען; 4. אויסברעכען, אויסמייקען; 5. שנעל אויפבויען, שנעל קאנסטרואירען.
2. Let me, I'll throw up the window. 3. I would not like to throw up the appointment.

throw up the sponge (טהראו אפ טהי ספאנדזש) בעשטעטיגען אדער אנערקענען א ניעדערלאגע; זיך אונטערגעבען, אויפגעבען דעם קאמפף.

thrum *n., a. and v.* (טהראם) די לויזע, אויסגעדריבעלטע ענד-פעדים אדער די קראיקע פון געוועבטע זייד, לייוונד אדער וואלענם; א פאדים פון א קראיקע; א לויזער, אויסגעדריבעלטער פאדים; א בינטעל לויזע, אויסגעדריבעלטע פעדים; א פראנז, א פראנזש; א פאדים-ענליכער טייל אדער ארגאן פון א בלום; א מאנאטאנער קלאנג ווי פון פיקען מיט די פינגער די סטרונעס פון א פידעל אדער גיטארע; געמאכט פון פאדים-אבפאל אדער פון אויסגעדריבעלטע פעדים; בעדעקען אדער בעפוצען מיט אויסגעדריבעלטע פאדים; בעפוצען מיט פראנזען [פראנזשען]; קלימפערען, קלאפען אדער פיקען מיט די פינגער אויף די סטרונעס פון א פידעל אדער גיטארע; קלאפען אדער פויקען מאנאטאן מיט די פינגער.

thrum'my *a.* (טהראמ'-אי) מיט א קראיקע פון לויזע אויסגעדריבעלטע פעדים; ווי מיט לויזע, אויסגעדריבעלטע פעדים; ווי א קראיקע.

thrums *n.* (טהראמז) שטריק-אבפאל, פאדים-אבפאל.

thrum'wort *n.* (טהראמ'-הווארם) דער רויטער פוקס-עק [אזא בלומען-פלאנצע].

thrush *n.* (טהראש) די דראסעל, די זינג-דראסעל [אזא זינג-פויגעל]; אזא קראנקהייט פון דעם אונטערשטען טייל פון דער קאפיטע פון א פערד, וועלכע כאראקטעריזירט זיך מיט דער אויסטיילונג פון א שטינקענדע פלאגמע [אייטער]; א מויל-ענטצינדונג, שוועמלעך אין מויל [אזא מויל-ענטצינדונג ביי קינדער].

thrush'er *n.* (טהראש'-ער) די זינג-דראסעל [אזא זינג-פויגעל].

thrush'-li'chen *n.* (טהראש'-לאי'-קען) אזא פלאנצע, וועלכע וואקסט אין די פייכטע פלעצער פון די אלפען-פעלזען [דיעזע פלאנצע ווערט געקאכט אין מילך און ווערט בענוצט אלס א רפואה צו מויל-ענטצינדונג].

thrust *v. and n.* (טהראסט) שטויסען; שטופען; דרענגען; דריקען; קוועטשען; שפארען; טרייבען, צווינגען; שטעכען; זיך שטויסען, זיך שפארען, זיך דרענגען, זיך שטופען, זיך דורכקוועטשען; זיך אריינקוועטשען, ארייגדרינגען; זיך צונויפזאמלען אין א געדרענג; א שטויס, א שטופ; א שטאך; אן אנגריף, אן אטאקע; אין מעכאניק — דער דרוק וואס ווירקט צווישען צוויי זיך-בעריהרענדע קערפער [בעזאנדערס דער דרוק דורך וועלכען א טייל פון א געביידע ווערט געשטויסען נאך אויסען אדער אן א זייט]; די שטויס-ווירקונג פון דער טרייב-שרויף אין א דאמפף-שיף; א צוזאמענברוך פון די סלופעס אדער זיילען אין א שאכטע אדער קויהלען-גרוב דורך דעם געוויכט פון דעם דאך; סיראוואטקע וואס ווערט ארויסגעדריקט פון צווארעך אדער קעז.

thrust aside' (טהראסט ע-סאיד') אוועקשטויסען פון וועג, אבשטויסען אן א זייט, ארויסשטויסען פון פלאץ.

thrus'ter *n.* (טהראס'-טער) א שטויסער, א שטעכער, א שווערד-פעכטער.

thrust forth (טהראסט פאורטה) ארויסשטויסען, ארויסטרייבען; ארויסשטעקען, מאכען עס זאל ארויסשטארצען.

thrus'ting *n.* (טהראס'-טינג) דאס שטויסען, דאס שטופען.

thrus'tings *n.* (טהראס'-טינגז) סיראוואטקע וואס ווערט אויסגעדריקט פון צווארעך אדער קעז.

thrust on (טהראסט אן) ארויפצווינגען, ארויפצווינגען; שטויסען פארווערטס; פארטשרייטען.

thrust one's nose in'to (טהראסט הוואנז נאוז אינ'-טו) אריינשטעקען די נאז, זיך אריינמישען אין יענעמס עסקים.

thrust one's self in (טהראסט הוואנז סעלף אין) זיך אריינמישען וואו מען בעט נים.

thrust out (טהראסט אוט) ארויסטרייבען; ארויסשטויסען, ארויסשטופען.

thrust through (טהראסט טהרוה) דורכשטעכען.

thrust togeth'er (טהראסט טו-געטה'-ער) צונויפקוועטשען, צונויפדריקען.

thrust upon' (טהראסט א-פאן') ארויפצווינגען.

thud *n. and v.* (טהאד) א טעמפער אדער דומפפער קלאנג, אזעלכער ווי עס הערט זיך, ווען מען גיט א קלאפ מיט א הארטער זאך אויף א ווייכערער; א קלאפ וואס גיט ארויס א טעמפען אדער דומפפען קלאנג; ארויסגעבען א טעמפען אדער דומפפען קלאנג ווי דורך א קלאפ מיט א הארטער זאך אויף א ווייכערער.
The child fell on the floor with a thud.

thug *n.* (טהאג) א מערדער, א רויבער, א גארגעל-שניידער; א טהאג, א מיטגליעד פון א רעליגיעזער רויבער-באנדע אין אינדיען, וועלכע האט געמארדעט און בערויבט מענשען כלומר'שט אין דעם נאמען פון רעליגיאן.

thug'gee *n.* (טהאג'-איע) דאס רויב און מארד-סיסטעם פון די טהאגס. ז. *thug*

thug'geeism *n.* (טהאג'-איע-איזם) ז. *thuggee*

thug'gery *n.* (טהאג'-ער-אי) ז. *thuggee*

thug'gism *n.* (טהאג'-איזם) ז. *thuggee*

thu'lite *n.* (טהיו'-לאיט) דער טהוליט [אזא מינעראל וואס האט דעם קאליר פון פערסיקעס. געפינט זיך אין די גראניט-געגענדען פון נארוועגען].

thumb *n. and v.* (טהאם) דער דוימען אדער גראבער פינגער פון דער האנד; דער ערשטער אינוועניגסטער פינגער פון דעם פינגער-פוס פון א חיה; דער פינגער-ענליכער טייל פון פליגעל ביי געוויסע פויגלען; דער הינטערשטער פינגער פון א פויגעל'ס פוס; די קראנקהייט פון הארץ-קלאפען ביי הויז-טהיערע, ווי ביי פערד; האלטען, שפיעלען אדער מאכען אונגעשיקט [ווי מיט די גראבע פינגער]; אבּרייבען אדער שמוציג מאכען פון צופיעל האלטען מיט די פינגער; געברויכען, נוצען; לעזען, מישען די בלעטער פון א בוך, בלעטערען מיט די פינגער.

thumb'-band *n.* (טהאמ'-בענד) א באנד אדער עטוואס געפלאכטענעס וואס איז אזוי דיק ווי דער גראבער פינגער.

thumbed *a.* (טהאמד) וואס האט א דוימען אדער גראבען פינגער; וואס האט צייכענס פון דעם גראבען פינגער [ווי די בלעטער פון א בוך].

thumb'-latch *n.* (טהאמ'-לעטש) א טהיר-קליאמקע מיט א דריקער.

thumb'less *a.* (טהאמ'-לעס) אהן דוימען אדער גראבע פינגער; וואס האט ניט קיין הינטערשטען פינגער [וועגען א פויגעל]; אומגעלומפערט, אונגעשיקט.

thumb'-mark *n.* (טהאמ'-מארק) א צייכען וואס ווערט געלאזען פון גראבען פינגער, ווי אויף די בלעטער פון א בוך.

thumb'-nut *n.* (טהאמ'-נאט) א פליגעל-שרויף-מוטער, א פליגעל-מוטערקע [אזא מוטערקע וואס האט אזעלכע פליגעל-ענליכע ארויסשטארצונגען אום זי ארויפצושרויפען מיט די פינגער].

thumb'-piece *n.* (טהאמ'-פיעס) אן ארויסשטארצונג פון גריף אדער הענטעל פון א כלי אדער דעקעל אנצונעהמען מיט'ן גראבען פינגער; א דריקער צו עפענען א שלאס אדער פרוזשינע; א גריף אדער הענטעל אנצונעהמען מיט'ן גראבען פינגער.

thumb'-screw *n.* (טהאמ'-סקרוה) א פליגעל-שרויף, א שרויף מיט א ברייטען קאפ אדער מיט פליגעל-ענליכע ארויסשטארצונגען אום צו קענען זי אריינשרויפען מיט די פינגער; אזא אינקוויזיציאנס-אינסטרומענט איינצושרויפען די גראבע פינגער און זיי צודריקען.

thumb'-stall *n.* (טהאמ'-סטאהל) אזא פינגערהוט פאר'ן גראבען פינגער ביים נעהען מיט דער נאדעל; א לעדערנעס אדער גומינעס זעקעל אנצוטהאן אויף'ן גראבען פינגער.

thu'merstone *n.* (טוה'-מער-סטאון) דער טהומערשטיין [אזא מינעראל].

thum'mim *n.* (טהאמ'-אים) תמים [פון אורים ותמים]. ז. *urim*

thump *n. and v.* (טהאמפ) א שטארקער אדער שווערער קלאפ; קלאפען, שלאגען.

thum'per *n.* (טהאמ'-פער) א קלאפער, א שלעגער; איינער אדער עטוואס וואס מאכט אן איינדרוק מיט זיין אונגעוועהנליכער גרויס; א ריעזינער ליגען.

thum'ping *a.* (טהאמ'-פינג) אונגעוועהנליך גרויס אדער שווער; אונגעהויער.

thun'der *n. and v.* (טהאנ'-דער) א דונער; א דונער=שלאג; א שטורם; א דונער=עהנליכער קלאפ אדער גערויש; א שטארקער סטראשונאק; דאנער! דאנער=וועטער! דונערען; מאכען א שטארקען גערויש ווי פון א דונער; קראכען ווי א דונער; דונערען מיט דער שטימע, ארויסטרעטען שטארק און שארף געגען.

thun'der-and-light'ning *n.* (טהאנ'-דער-ענד-לאיט'-נינג) אזא װאלען=צײַג געמישט פון שווארץ און געלב.

thundera'tion *n.* (טהאנ-דער-איי'-שאן) דאנער=וועטער!

thun'derblast *n.* (טהאנ'-דער-בלעסט) א דונער=קראך.

thun'derbolt *n.* (טהאנ'-דער-באולט) א בליץ מיט דער בעגלייטונג פון א דונער=קראך; א בליץ; א דונער=פייל [די פייל, מיט וועלכער דער רוימישער גאט יופיטער פלעגט כלומר'שט ארויסרופען א דונער]; א דונער=שטיין [אזא פערשפיצטעם שטיינדעל, וואס מען געפינט אפט אין דער ערד און וואס איז, לויט דעם פאלק'ס אבערגלויבען, אראבגעפאלען פון הימעל מיט א דונער]; א געוואגטער מענש; איינער וואס האנדעלט מיט אונווידערשטעהליכער קראפט; א שטארקע פעררא־מונג אדער אויסרייד.

thun'derburst *n.* (טהאנ'-דער-בוירסט) א דונער=קראך.

thun'derclap *n.* (טהאנ'-דער-קלעפ) א דונער=קראך, א דונער=שלאג.

thun'der-cloud *n.* (טהאנ'-דער-קלאוד) א וואלקען וואס ברייננגט דונערען מיט בליצען.

thun'der-crack *n.* (טהאנ'-דער-קרעק) ז. ***thunderclap***

thun'derer *n.* (טהאנ'-דער-ער) א דונערער; דער וואס שיקט דונערען און בליצען [וועגען דעם גריכישען אדער רוימישען גאט יופיטער].

thun'der-gust *n.* (טהאנ'-דער-גאסט) א געוויטער=שטורם.

thun'der-head *n.* (טהאנ'-דער-העד) א וואלקען פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א געוויטער=שטורם.

thun'dering *n. and a.* (טהאנ'-דער-אינג) דאס דונערען; דונערענד; דונערדיג; אונגעהויער, אונגעוועהנליך, געוואלדיג גרויס.

thun'deringly *adv.* (טהאנ'-דער-אינג-לי) דונערענדיג; מיט א דונערענדער שטימע; אזוי ווי פון א דונער; אונגעוועהנליך, אויסערארדענטליך; געוואלטיג גרויס.

thun'derless *a.* (טהאנ'-דער-לעס) אהן דונערען, אהן א דונער=גערויש.

thun'der of applause' (טהאנ'-דער אוו ע-פלאהז') רוישענדע אפלאדיסמענטען, דונערענדע אפלאדיסמענטען.

thun'derous *a.* (טהאנ'-דער-אס) וואס גיט ארויס דונערען אדער א גערויש ווי פון א דונער; מורא'דיג, געוואלטיג; דונערענד.

thun'derously *adv.* (טהאנ'-דער-אס-לי) דונערענדיג; מיט א גערויש ווי פון א דונער.

thun'der-peal *n.* (טהאנ'-דער-פיעל) א דונער=קראך.

thun'der-show'er *n.* (טהאנ'-דער-שאו'-ער) א געוויטער=רעגען, א רעגען מיט דונערען און בליצען.

thun'der-stone *n.* (טהאנ'-דער-סטאון) א דונער=שטיין; • א דונער=פייל. ז. ***thunderbolt***

thun'der-storm *n.* (טהאנ'-דער-סטאהרם) א געוויטער=שטורם, א שטורם מיט דונערען און בליצען.

thun'derstrike *v.* (טהאנ'-דער-סטראיק) דערשלאגען מיט א דונער אדער בליץ; בעשטירצען, איבערראשען, טרעפען ווי מיט א דונער.

thun'derstruck *a.* (טהאנ'-דער-סטראק) דערשלאגען פון דונער; בעשטירצט, ערשטוינט, געטראפען ווי פון דונער.

thun'der-tube *n.* (טהאנ'-דער-טיוב) א לאך וואס ווערט געמאכט אין זאמד אדער אין א שטיין דורך א בליץ.

thun'dery *a.* (טהאנ'-דער-אי) דונערדיג, בעגלייט מיט דונערען; וואס סטראשעט מיט אן אויסברוך פון א דונער, אנגעכמורעט, צארנדיג.

thun'ny *n.* (טהאנ'-אי) ז. ***tunny***

thu'rible *n.* (טהיו'-ריבל) א ווייהרויך=פאן. ז. ***censer***

thurif'erous *a.* (טהיו-ריפ'-ע-ראס) ווייהרויכדיג, וואס גיט ארויס ווייהרויך.

thurifica'tion *n.* (טהיו-רי-פי-קיי'-שאן) די רויכערונג מיט ווייהרויך.

thu'rify *v.* (טהיו'-רי-פאי) רויכערען מיט ווייהרויך.

thurin'gite *n.* (טהיו-רינ'-דזשאיט) טהורינגיט [אזא מינעראל מיט אן אליווגרינעם קאליר].

Thurs'day *n.* (טהוירז'-דיי) דאנערשטאג.

thus *n. and adv.* (טהאס) טערפענטין=זאפט [וואס רינט פון געוויסע בוימער]; אזוי, אויף דיזער ארט; אלזא.

thus far (טהאס פאר) אזוי ווייט, ביז אזא גראד.

thus much (טהאס מאטש) אזוי פיעל.

thwack *v. and n.* (טהוועק) שלאגען; א קלאפ, א פאטש.

thwack'er *n.* (טהוועק'-ער) א שלעגער; א קלאפער.

thwack'ing *a.* (טהוועק'-אינג) אונגעהויער, געוואלטיג.

thwaite *n.* (טהווייט) א שטיק פערלאזענעם לאנד וואס איז פערוואנדעלט אין אקערלאנד; אזא זארט מאי=פיש אדער מוטער=הערינג.

thwart *adv., prep., a., n. and v.* (טהוואהרט) קווער, שרעג; אין דער קווער; פאר קווער; געגענאיבער; וואס ליעגט פאר קווער; איבערגעקעהרט, פערקעהרט, קאפויר; אן אפאזיציאן; א געגנערישע שטעלונג; דאס שטעלען זיך פאר קווער [אום עטוואס ניט צו דערלאזען]; די קווער=באנק אין א שיפעל וואו דער רודערער זיצט; דורכקרייצען, אריבערגעהן פאר קווער; זיך שטעלען אין דער קווער, הינדערען, זיין געגען; שטערען.

thwar'ter *n.* (טהוואהר'-טער) א דורכקרייצער, איינער אדער עטוואס וואס געהט פאר קווער; איינער וואס שטעלט זיך אין וועג אדער שטערט.

thwar'ting *a. and n.* (טהוואהר'-טינג) אומגעקעהרט, קאפויר; א געגנערישע שטעלונג אדער האנדלונג; א הינדערונג אדער שטערונג [ניט צו דערלאזען איימעצען עטוואס אויסצופיהרען].

thwar'tingly *adv.* (טהוואהר'-טינג-לי) אין דער קווער; געגען, דערווידער.

thwart'ly *adv.* (טהוואהרט'-לי) אין געגענזאץ, דערווידער, להיפך.

thwart'ness *n.* (טהוואהרט'-נעס) דאס זיין דערווידער אדער געגען.

thwart'ships *adv.* (טהוואהרט'-שיפס) ליעגענדיג פאר קווער פון דער שיף.

thy *pr.* (טהאי) דיין, דיינע.

thyme *n.* (טאים) די טהימיאן=פלאנצע [אזא אראמאטישע פלאנצע, וועלכע ווערט בענוצט צו ווירצען זופ און אנדערע שפייזען. זי ווערט אויך בענוצט פאר פארפיומען].

thym'iatechny *n.* (טהימ'-אי-ע-טעק-ני) דאס בענוצען פארפיומען אין מעדיצין, די מעטאדע צו קורירען דורך אויסרויכערען מיט אראמאטישע פלאנצען.

thy'mus *n.* (טהאי'-מאס) די טהימוס=דריזע [אזא דריזע אהן א קאנאל, וואס געפינט זיך נעבען נאקען].

thy'my *a.* (טאי'-מי) פול מיט טהימיאן=פלאנצען; וואס שמעקט מיט טהימיאן; עהנליך צו טהימיאן. ז. ***thyme***

thy'roid *a.* (טהאי'-ראיד) שילד=פערמיג [בעזאנדערס וועגען געוויסע טיילען פון קערפער].

thy'roid car'tilage (טהאי'-ראיד קאר'-טי-לעדזש) די שילד=פערמיגע כראמשקע [קנארפעל] אין קעהל=קאפ [האלז].

thy'roid gland (טהאי'-ראיד גלענד) די שילד=פערמיגע דריזע [אזא גרויסע דריזע אין האלז אהן א קאנאל; אזא גרויסע דריזע אין מויל ביי פיש].

thyrse *n.* (טהוירס) דער באקכוס=שטאק; דער בעזים=ארטיגער אדער שטרויס=ארטיגער טייל פון א פלאנצע [ז. ***thyrsus***]; א קליינע ליימענע כלי וואס האט די פארם פון א שישקע פון א טאנענבוים.

thyr'soid *a.* (טהויר'-סאיד) וואס האט די פארם פון א שטרויס אדער שישקע [וועגען פלאנצען].

thyr'sus *n.* (טהויר'-סאס) דער באקכוס=שטאק [דער שטאק פון דעם גריכישען וויין=גאט באקכוס, וואס ווערט פארגעשטעלט מיט א שישקע אדער בערעלע אויף דעם אויבערשטען ענד]; א בעזים=ארטיגער טייל פון א פלאנצע.

Thyrsus

thyself' *pr.* (טהאי-סעלף') דו זעלבסט, דו אליין; זיך, דיר.

tiar *n.* (טיאר) ז. ***tiara***

tia'ra *n.* (טאי-איי'-רא) די טיארא, דעם פאפסט'ס קרוין [א הויכע קרוין אויסגעזעצט מיט דימענטען מיט א צלם אויף'ן שפיץ]; די קרוין וואס פארצייטען פלעגען טראגען הויכע בעאמטע און פריסטער; די ווירדע פון פאפסט; א רייכע קאפציערונג.

tia'raed *a.* (טאי-איי'-ראד) בעציערט מיט א טיארא. ז. ***tiara***

tibet' *n.* (טי-בעט') א שווערער שטאף געמאכט פון ציגען=וואל; א בונט=פארביגער וואלענער שטאף.

Tib'etan *a. and n.* (טיב'-ע-טען) וואס איז שייך צו טיבעט [א הויך=בערגיגעס לאנד פון צענטראל=אזיען]; אן איינוואהנער פון טיבעט.

Tibe'tian *a. and n.* (טי-בי'-שיען) ז. ***Tibetan***.

tib'ia *n.* (טיב'-אי-א) דער שיען=ביין [דער ביין פון פוס צווישען קניע און קנעכעל]; די טיביא [אזא פארצייטיגע פלייט].

tib'ial *a. and n.* (טיב'-אי-על) וואס איז שייך צו דעם שיען=ביין; וואס איז שייך צו א טיביא [אזא פארצייטיגע פלייט]; א מוסקול, אן אדער א נערוו וואס איז פערבונדען מיט דעם שיען=ביין.

tib'ial ar'tery (טיב'-אי-על אר'-טע-רי) די ארטעריע אדער בלוט=אדער וואס איז פערבונדען מיט דעם שיען=ביין. ז. איל. ***"Bloodvessels of the Human Body"***

tibia'lis *n.* (טיב-אי-איי'-ליס) איינער פון די עטליכע מוסקולען וואס זיינען פערבונדען מיט דעם שיען=ביין.

tibi'cen *n.* (טי-באי'-סען) ביי די אלטע גריכען און רוימער — א שפיעלער אויף א טיביא אדער פלייט.

tic *n.* (טיק) א געזיכטס=נייראלגיע [ז. ***tic-douloureux***]; דער אקסען=פיקער [אזא פויגעל. ז. ***tic-bird***].

tic'al *n.* (טיק'-על) דער טיקאל [אזא וואג וואס ווערט בענוצט אין בורמא און אין סיאם]; א זילבערנע מטבע פון סיאם אין דעם ווערטה פון אונגעפעהר 50 אמעריקאנישע סענט.

tic'-bird *n.* (טיק'-בוירד) דער אקסען=פיקער [א קליינער אמעריקאנישער פויגעל, וועלכער ערנעהרט זיך מיט אינזעקטען, וואס ער פיקט אויס פון דער פעל פון בהמות].

tic'-douloureux' *n.* (טיק'-דוה-לוה-רייה') געזיכטס=נייראלגיע [א וועהטאג אין די מוסקולען פון געזיכט].

tick *v. and n.* (טיק) טיקען, מאכען טיק=טאק [ווי א זייגער]; פיקען, לייכט קלאפען [ווי א פויגעל מיט'ן שנאבעל]; אבצייכנען [זאכען, ארטיקלען] ווי מיט א פונקט אדער שטריך; קויפען אויף בארג; געבען אויף קרעדיט; דאס טיקען [ווי פון א זייגער], א לייכטער קלאפ אדער קלונג; אן אבצייכנונג אדער אונטערשטרייכונג פון א זאך דורך א פונקט אדער שטריך; א קליינער פלעק אויף דער פעל פון א חיה אדער בהמה; א פיצעל, א ברעקעל, זעהר א קליינע קוואנטיטעט; איינע פון די פיעלע פערשיעדענארטיגע לייז אדער אנדערע אינזעקטען=פאראזיטען אויף'ן לייב פון מענשען און חיות; א מין אייראפעאישע בעבלעך; א ציך פון בעט=געוואנד; טיק [אזא פעסט=געוועבטעס לייווענטענעס צייג]; קרעדיט, בארג; חשבון, רעכנונג.

tick'-bean *n.* (טיק'-ביען) א מין בעבלעך אדער פאסאליעס.

ticked *a.* (טיקט) בעשפרענקעלט מיט קליינע פלעקען אדער פונקטען.

tick'en *n.* (טיק'-ען) טיק [אזא פעסט=געוועבטעס לייווענטענעס צייג].

tick'er *n.* (טיק'-ער) איינער אדער עפעס וואס מאכט טיק=טאק; א זייגער; א טעלעגראפישער אפאראט.

tick'et *n. and v.* (טיק'-עט) א צעטעל, א בילעט; אן עטיקעט; א ליסטע פון קאנדידאטען, וואס א פארטיי אדער ארגאניזאציאן שטעלט ארויס אין וואהל=קאמפף; ארויפלעגען אדער ארויפקלעפען א צעטעל אדער עטיקעט; געבען א בילעט אדער קארטע.

tick'et-day *n.* (טיק'-עט-דיי) דער טאג פאר דעם צאהלונגס=טאג אויף דער בערזע, ווען די בערזען=מעקלער פערעפענטליכען די ליסטע פון די פערזאנען, וועלכע האבען געקויפט די ווערטה=פאפיערען.

tick'et-hol'der *n.* (טיק'-עט-האול'-דער) א פארריכטונג צו האלטען אדער אנצוטשעפען א צעטעל, אן עטיקעט, א קארטעל אדער א באהן=בילעט; איינער וואס האט א בילעט אדער אן איינטריטס=קארטע [ווי אין א שוי=פלאץ].

tick'eting *n.* (טיק'-עט-אינג) דאס פערקויפען אדער ארויסגעבען בילעטען; דאס צוגעבען אדער אנקלעפען א צעטעל אדער אן עטיקעט.

tick'etless *a.* (טיק'-עט-לעס) אהן א בילעט.

tick'et-night *n.* (טיק'-עט-נאיט) א בענעפיס=אבענד אין א טעאטער אדער אנדער שוי=פלאץ, פון וועלכען דאס געלד ווערט צוטיילט צווישען די בענעפיציאנטען לויט דער צאהל בילעטען, וואס יעדער האט פערקויפט.

tick'et-of'fice *n.* (טיק'-עט-אפ'-איס) די בילעטען=קאסע, די ביורא אדער דאס ארט וואו עס ווערען פערקויפט אדער ארויסגעגעבען בילעטען.

tick'et of leave (טיק'-עט אוו ליעוו) אין ענגלאנד און אין די ענגלישע קאלאניעס—א בילעט אדער שיין וואס בעפרייט אן ארעסטאנט אונטער געוויסע בעדינגונגען איידער ער האט געענדיגט זיין טערמין.

tick'et-of-leave' man (טיק'-עט-אוו-ליעוו' מען) אן ארעסטאנט וואס ווערט בעפרייט פאר דער צייט אויף דער בעדינגונג פון גוטער אויפפיהרונג. ז. ***ticket of leave***.

tick'et-por'ter *n.* (טיק'-עט-פאור'-טער) אין ענגלאנד—א פאק=טרעגער אויף אן אייזענבאהן, וועלכער טראגט א בלעכעל אדער קארטעל אלס צייגניס אז ער האט א פאטענט אדער פריווילעגיע צו בעשעפטיגען זיך מיט זיין ארבייט.

tick'et-punch *n.* (טיק'-עט-פאנטש) אזא צווייננגעל אבצושטעמפלען אדער דורכצולעכערען אייזענבאהן אדער אנדערע בילעטען.

tick'ing *n.* (טיק'-אינג) טיק [אזא פעסט=געוועבטעס לייווענטענעס צייג]; דאס טיקען, דאס מאכען טיק=טאק.

tick'le *v. and n.* (טיקל) קיצלען; מאכען אנגענעהם, פערשאפען פערגניגען; פיהלען א קיצלעניש אדער אן אנגענעהמליכקייט; האבען חשק צו עפעס, פערלאנגען, בעגעהרען; א קיצעל.

tick'le-grass *n.* (טיק'ל-גרעס) ז. ***hair-grass***.

tick'ler *n.* (טיק'-לער) א קיצלער, איינער וואס קיצעלט; איינער וואס טהוט אן אנגענעהמליכקייט; א שוועריגקייט, עפעס וואס ברייננגט אין פערלעגענהייט, א רעטעניש; א מעמאראנדום, א פערצייכניס=בוך [אנצורעגען אדער אבצופרישען דעם זכרון]; א קליין פלעשעל שנאפס; אין די מערב און דרום=געגענדען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא — א קליינעס געוועהר וואס מען קען טראגען מיט זיך [ווי א רעוואלווער, א מעסער א. ד. ג.]; אזא באבעלע מיט זעהר לאנגע פיהלהערנדלעך.

tick'ling *n.* (טיק'-לינג) א קיצלען; דאס קיצלעניש; דאס געפיהל וואס ווערט ארויסגערופען פון קיצלען אדער אונטערשמייכלען.

tick'lish *a.* (טיק'-ליש) קיצלדיג; טרייסעלדיג, שאקעלדיג, ניט באלאנסירט; ניט בעשטענדיג, אונזיכער; צווייפעלהאפט, אונגעוויס; קריטיש, שוויעריג.

tick'lishly *adv.* (טיק'-ליש-לי) אויף א קיצעלדיגען שטייגער; אויף א שאקעלדיגער אדער אונזיכערער ארט.

tick'lishness *n.* (טיק'-ליש-נעס) קיצעלדיגקייט; טרייסעלדיגקייט, שאקעלדיגקייט; א שוויעריגקייט, א פערלעגענהייט.

tick'ly *a.* (טיק'-לי) ז. ***ticklish***.

tick'-tack *n. and adv.* (טיק'-טעק) טיק=טאק; דאס קלאפען פון א זייגער; דאס קלאפען פון הארץ; א פארריכטונג אנצוקלאפען פון דער וויטענס אין א פענסטער אדער טהיר [אלס א שפאס אדער שפיעל]; אזא שפיעל מיט ביינדלעך אויף א ברעט מיט דריי=קאנטיגע קעסטעלעך; מיט א טיק=טאק=קלאפ.

tick'-tock *n.* (טיק'-טאק) דאס לאנגזאמע טיק=טאק פון א גרויסען זייגער מיט א לאנגען פערפענדיקעל.

ticpolon'ga *n.* (טיק-פא-לאנ'-גא) די טיקפאלאנגא [זעהר א גיפטיגע שלאנג פון אינדיען און ציילאן].

tid *a.* (טיד) זאנפט, מילד, צארט.

ti'dal *a.* (טאי'-דעל) וואס איז שייך צו עבע און פלוט [דער פעריאדישער צופלוס און אבפלוס פון וואסער ביים ים=ברעג].

ti'dal har'bor (טאי'-דעל האר'-באר) ז. ***tide-harbor***.

ti'dally *adv.* (טאי'-דעל-אי) אויף אן אופן וואס איז אבהענגיג פון דער עבע און פלוט. ז. ***tide***.

ti'dal riv'er (טאי'-דעל ריוו'-ער) א טייך וואו דאס וואסער הויבט זיך אויף און פאלט אב פעריאדיש לויט דער עבע און פלוט פון ים.

ti'dal wave (טאי'-דעל הווייוו) די פלוט=וועלע, די גרויסע וועלע פון אקעאן וועמעס פעריאדישע בעוועגונג ארויף און אראב פעראורזאכט די עבע און פלוט [ז. ***tide***]; א גרויסע אקעאן=בעוועגונג [ווי דורך אן ערד=ציטערניש]; א שטארקע פאלקס=בעוועגונג.

tid'bit *n.* (טיד'-ביט) א נאשעריי, א געשמאקער ביסען.

tid'der *v.* (טיד'-ער) צערטלען, לאשטשען.

tid'dle *v.* (טידל) זיך אבגעבען מיט פוסטע זאכען; פטר'ען צייט.

tid'dlywink *n.* (טיד'-לי-הווינק) אן ארט וואו מען לייהט געלד אויף משכנות אהן אן ערלויבניש דערצו.

tide *n. and v.* (טאיד) עבע און פלוט [דער פעריאדישער צופלוס און אבפאל פון וואסער אין ים אדער אקעאן צוליעב דער אנציהונגס=קראפט פון דער לבנה און פון דער זוהן]; עפעס וואס קומט ווי א צופלוס אדער אבפאל פון וואסער, א פלוס, א שטראם; דער געוועהנליכער גאנג פון א ריכטונג אדער פון א רייה פאסירונגען; די צייט, דער סעזאן; א בעשטימטע צייט=פעריאדע [ווי די פעריאדע פון 6 שטונדען מיט 12 מינוט, וועלכע איז די דורכשניטליכע צייט צווישען עבע און פלוט אין אפענעם אקעאן]; א פאסענדע צייט, א געלעגענהייט; דער טאג פון א קירכליכען יום=טוב; טרייבען מיט'ן שטראם; איבערטראגען אדער אויסהאלטען עפעס ביז א מעהר פאסענדער צייט; בייקומען [א שוויעריגקייט]; זיך טראגען מיט דער עבע [וועגען א שיף].

ti'ded *a.* (טאי'-דעד) וואס האט אן עבע און פלוט [ווי געוויסע טייכען]; וואס ווערט בעאיינפלוסט פון עבע און פלוט פון ים. ז. ***tide***.

tide′-gage *n.* (טאיד′-גיידזש) דער פלוט⸗מעסטער [א שטאנג וואס צייגט וויפיעל דאס וואסער איז געשטיגען אדער געפאלען אין א טייך אדער מעער].

tide′-gate *n.* (טאיד′-גייט) א טהויער פון א באסיין, וואס הויבט זיך אויף אין דער צייט פון פלוט, כדי דאס וואסער זאל אריינפליסען אין באסיין און לאזט זיך ארונטער, ווען עס קומט אן די עבע, כדי דאס וואסער זאל ניט ארויספליסען; א שמאלער פלאץ אין ים וואו דאס וואסער שטראמט זעהר שטארק אין דער צייט פון עבע און פלוט.

tide′-har′bor *n.* (טאיד′-האר′-באר) א האפען, וואו דאס וואסער הויבט זיך פעריאדיש אויף און פאלט אב לויט דער עבע און פלוט פון ים.

tide′-land *n.* (טאיד′-לענד) לאנד ביים ברעג פון ים, וואס ווערט בעדעקט מיט וואסער אין דער צייט פון פלוט און טריקענט אויס אין דער צייט פון עבע.

tide′less *a.* (טאיד′-לעס) אהן עבע און פלוט. ז. *tide*.

tide′-mark *n.* (טאיד′-מארק) די גרענעץ⸗ליניע ביז וואנען עס געהט דער צופלוס פון וואסער אין דער צייט פון פלוט. ז. *tide*.

tide′-me′ter *n.* (טאיד′-מי′-טער) ז. *tide-gage*.

tide′-mill *n.* (טאיד′-מיל) א מיהל וואס ארבייט דורך א וואסער⸗ראד, אויף וועלכען עס פאלט דער שטראם פון דער עבע.

tide o′ver (טאיד או′-ווער) בייקומען, גובר זיין [א שוויעריגקייט].

tide′-poól *n.* (טאיד′-פוהל) א בלאטע אדער לוזשע וואס בלייבט נאכדעם ווי דאס וואסער פון פלוט איז אבגעפאלען.

tide′-predic′tor *n.* (טאיד′-פרי-דיק′-טאר) אן אינסטרומענט צו בעשטימען די צייט און די הויך פון עבע און פלוט. ז. *tide*.

tide′-rode *a.* (טאיד′-ראוד) וואס ווערט געטריבען דורך′ן שטראם שטעהענדיג אויף′ן אנקער [וועגען א שיף אין ים].

tide′-run′ner *n.* (טאיד′-ראנ′-ער) א פיש וואס שווימט מיט דער ריכטונג פון שטראם.

tides′-man *n.* (טאידז′-מען) א צאל⸗בעאמטער פון א שיף [ז. *tidewaiter*]; איינער וואס ווערט אנגעשטעלט צו א געוויסען ים⸗דיענסט בלויז אין בעשטימטע צייטען פון דער עבע און פלוט.

tide′-ta′ble *n.* (טאיד′-טיי′בל) א טאבעלע, וואס בעווייזט די צייט פון וואסער⸗שטייגונג אין פערשיעדענע ערטער ביים ברעג פון ים.

tide′waiter *n.* (טאיד′-הוויי-טער) א צאל⸗בעאמטער וואס װארט אויף דעם קומען פון שיפען און זעהט, אז עס זאלען ריכטיג אויסגעפיהרט ווערען די געזעצען און תקנות פון צאל⸗הויז אדער טאמאזשנע.

tide′-wa′ter *n.* (טאיד′-הוואה′-טער) דאס וואסער פון יענע טיילען פון טייכען, וואס קומט אין בעריהרונג אדער ווערט בעווירקט פון דער עבע און פלוט פון ים; וואסער וואס שטייגט דורך פלוט.

tide′-wave *n.* (טאיד′-הווייוו) ז. *tidal wave*.

tide′way *n.* (טאיד′-הוויי) א קאנאל וואו דאס וואסער שטייגט און פאלט [צוליעב עבע און פלוט].

tide′-wheel *n.* (טאיד′-הוויעל) א וואסער⸗ראד וואס קומט אין בעוועגונג דורך דעם שטראם פון עבע און פלוט.

ti′dily *adv.* (טאי′-די-לי) ריין, נעט, אין ארדנונג, איינפאך און גוט צוגעפאסט [וועגען קליידונג].

ti′diness *n.* (טאי′-די-נעס) די נעטקייט; די ארדנונג [אין קליידונג, אין וואהנונג א. ד. ג.].

ti′ding *n.* (טאי′-דינג) א נייעס, א בשורה.

ti′dings *n.* (טאי′-דינגז) נאכריכטען, נייאיגקייטען, נייעס, בשורות.

ti′ding-well *n.* (טאי′-דינג-הוועל) א ברונען, וואו דאס וואסער שטייגט און פאלט אב פעריאדיש.

tid′ley *n.* (טיד′-לי) אזא קליין איירא⸗פעאיש זינג⸗פויגעלע.

tidol′ogy *n.* (טאי-דאל′-א-דזשי) די לעהרע וועגען עבע און פלוט. ז. *tide*.

ti′dy *a., n. and v.* (טאי′-די) נעט, שעהן, אנשטענדיג, אין גוטער ארדנונג [וועגען קליידונג, מעבלירונג א. ד. ג.]; סטאטעטשנע, אנשטענדיג [אין אויפפיהרונג]; היבש, אנגעזעהן; צופרידענשטעלענד; אן איבערצוג פאר מעבעל; מאכען נעט; א קליין זינג⸗פויגעלע; ברייננגען אין גוטער ארדנונג.

tie *v. and n.* (טאי) בינדען, צובינדען, אנבינדען; פערקניפלען, מאכען א שלייף; פערבינדען [דורך א פערפליכטונג]; פעראייניגען [ווי א מאן מיט א פרוי דורך חתונה]; אין מוזיק — פעראייניגען צוויי נאטען דורך א פעררונדעטען שטריך [צו צייגען, אז מען דארף זיי זינגען אדער שפיעלען צוזאמען, מיט איין בויגען אדער אין איין אטעם]; שטעהן גלייך אין געווינס, געווינען דיזעלביגע צאהל פונקטען ווי דער געגנער; צושטעלען אדער אנגרייטען שפאלען פאר אן אייזענבאהן; אין כירורגיע — ליגאטירען [פערבינדען אן אדער כדי ניט צו דערלאזען א בלוט⸗שטורץ]; א באנד; א האלזטוך, א קראוואט; א קניפעל, א שלייף; א שפאלע אויף אן אייזענבאהן; א קלאץ אדער באלקען וואס דיענט צו פעראייניגען אדער צוזאמענהאלטען אנדערע באלקענס; אין מוזיק — דער פעררונדעטער שטריך וואס בינדט צוזאמען צוויי נאטען; א צושטאנד ווען צוויי אדער עטליכע שטרייטענדע צדדים געווינען דיזעלביגע צאהל פונקטען און דעריבער קען קיינער פון זיי ניט ערקלערט ווערען אלס דער געווינער; א וועבער′ס אוזאר אדער מוסטער.

tie′-beam *n.* (טאי′-ביעם) א שפאן⸗ריגעל, א באלקען אדער שטאנג וואס דיענט צום פעראייניגען צוויי באלקענס [ווי למשל, די קראקוועס פון א דאך].

tie down (טאי דאון) פערבינדען אזוי, אז עס זאל ניט קענען זיך אויפהויבען; פערהאלטען, הינדערען.

tie hand and foot (טאי הענד ענד פוט) בינדען הענד און פיס, ניט לאזען זיך בעוועגען, הינדערען אין אלע אופנים.

tie neck and heels (טאי נעק ענד היעלז) בינדען איינעם אזוי, אז זיינע קניע זאלען דערגרייכען דעם האלז.

ti′er *n.* (טאי′-ער) א פערבינדער; איינער אדער עפעס וואס בינדט צונויף; א קינדערשער פארטוך.

tier *n. and v.* (טיער) א רייה, א צייל [בעזאנדערס ווען צוויי אדער עטליכע ציילען שטעהען איינע איבער די אנדערע]; א יארוס [ווי פון לאזשעס אין א טעאטער]; איינע פון די רייהען קאנאנען אויף די אמאליגע קריעגס⸗שיפען; אויסבילדען אין רייהען איינע איבער די אנדערע.

tierce *n.* (טיערס) א דריטעל פאס; א דריטעל, א דריט⸗חלק; א פליסיגקייטס⸗מאס פון א דריטעל פאס; אין מוזיק — א טערציע [דער דריטער טאן פון א גאמא]; אין קארטען⸗שפיעל — א קארטען⸗פאלגע [ווי א קעניג, א דאמע און אן אונטער] פון דריי קארטען; אין פעכטונג — די דריטע פון א סעריע פון 8 פארמען ווי מען האלט דעם שווערד ביים פעכטען זיך.

tier′cet *n.* (טיער′-סעט) אין דיכטונג אדער פאעזיע — א סטראפע פון דריי ציילען, וועלכע גראמען זיך איינע מיט די אנדערע.

tie′-rod *n.* (טאי′-ראד) א בינד⸗שטאנג [א שטאנג וואס דיענט צום פעראייניגען בעזונדערע טיילען פון א געביידע]; א שטאנג וואס האלט צוזאמענגעבונדען א רייה אייזענבאהן⸗שפאלען, כדי זיי זאלען זיך ניט פאנאנדערריקען.

tiers′-argent′ *n.* (טיעהרז′-אר-זשאן′) מעטאל⸗געמיש וואס בעשטעהט פון איין חלק זילבער און צוויי חלקים אלומיניום.

tie up (טאי אפ) פעסט פערבינדען; ארומבינדען [דעם האלז]; אבשטעלען, פערהאלטען; פערהינדערען פון בעוועגונג; איינהאלטען [דאס מויל, ניט צו רעדען]; אריינלעגען געלד אין עפעס, אז מען זאל עס צוריק ניט קענען בעקומען; פערהאלטען עפעס [אום ניט צו קענען עס פערקויפען].

tie′-up *n.* (טאי′-אפ) אן אבשטעל פון דער ארבייט אין א פאבריק אדער פון דער בעוועגונג פון אן אייזענבאהן, ווי דורך א שטרייק פון די ארבייטער אדער דורך אן אנדער אורזאכע.

tie′-wig *n.* (טאי′-הוויג) אן אלטפרענקישער פארוק פון מענער, וועלכע פלעגט זיין פערבונדען פון הינטען מיט א סטענגע.

tiff *n. and v.* (טיף) א טרונק [בראנפען], א שלוק; אנ′ברגז′קייט, בייזקייט, קאפריזנעקייט; זיין ברגז; זיין אין כעס; האבען א פערדרוס.

tif′fany *n. and a.* (טיפ′-ע-ני) זיידען⸗גאזע [א מין דינעס זיידען⸗צייג]; געמאכט פון זיידען⸗גאזע.

tif′fin *n.* (טיפ′-אין) א צווייטער פריה⸗שטיק [א צובייסען צווישען פריהשטיק און מיטאג].

tif′fing *n.* (טיפ′-אינג) ז. *tiffin*.

tiff′ish *a.* (טיפ′-איש) קאפריזנע; ערגערליך.

tift *n. and v.* (טיפט) א שמעק מיט דער נאז; א טרונק בראנפען; זיין קאפריזנע; פיהלען פערדרוס.

tige *n.* (טיזש) א שטענגעל; דער קערפער פון א זייל [פון פונדאמענט ביז′ן קאפ].

ti′ger *n.* (טאי′-גער) א טיגער; א בלוט⸗דורשטיגער מענש; אן אכזר; א באנדיט, א רויבער; א משרת וואס זיצט הינטער′ן פריץ אין קארעט און דארף היטען די קארעט, ווען דער פריץ איז אבוועזענד; א צוגעגעבענער הורא⸗געשריי, א צוגעגעבענער אפלאדיסמענט; א מין זשוקעל.

ti′ger-bee′tle *n.* (טאי′-גער-ביע′טל) דער זאמד⸗לויפער [א מין זשוקעל].

ti′ger-cat *n.* (טאי′-גער-קעט) די טיגער⸗קאץ [אזא חיה, עטוואס גרעסער פון א הויז⸗קאץ, וועלכע איז עהנליך צו א טיגער לויט איהר אויסזעהן און לויט איהר בלוטדארשטיגקייט].

ti′ger-flow′er *n.* (טאי′-גער-פלאו′-ער)

די טיגער=בלום [זעהר א שעהנע בונט=פארביגע גארטען=פלאנצע].

ti'gerine *a.* (טאי'-גער-אין) ז. *tigrine*

ti'gerish *a.* (טאי'-גער-איש) טיגעריש, טיגריש, ווי א טיגער, בייז, בלוט=דארשטיג.

ti'gerism *n.* (טאי'-גער-איזם) א טיגער=שע טבע; בייזקייט, בלוטדארשטיגקייט.

ti'ger-lil'y *n.* (טאי'-גער-ליל'-אי) די טיגער=ליליע [אזא גארטען=פלאנצע וואס ווערט גע=ברויכט אין כינא און יאפאן אלס שפייז].

Tiger-lily

ti'ger-moth *n.* (טאי'-גער-מָאהטה) דער בערען=שפינער [א גרויס זומער=פויגעלע מיט שווארצע און ברוינע פלעקען אויף די פליגלען. די לארווע פון דיעזען זומער=פויגעלע האט די פארם פון א ווארים בעוואקסען מיט געדיכטע זיידענע=האר, וואס דערמאנען אן דעם פעלץ פון א בער].

Tiger-moth

tight *a.* (טאיט) 1. קאמפאקט, פעסט, אונ=דורכדרינגליך [פאר לופט, וואסער א. ז. וו.]; 2. פעסט, שטארק געבויט; 3. שטייף; ענג; 4. שטייף אנגעצויגען; 5. קארג; 6. נעט, פיין, ציכטיג; 7. געשיקט, ערפאה=רען, פעהיג; 8. אנגעשטרענגט, שווער; 9. קנאפ, ווניג, מאנגעלהאפט [וועגען געלד]; 10. וואס לײדעט פון געלד=מאנגעל; געענגט אין געלד; 11. שכור.

1. Keep the medicine in an air-**tight** vessel. 3. The ring is too **tight**. 5. He is extremely **tight** in his dealings. 6. She is a **tight** little woman. 7. He is a **tight** workman. 8. We got the rope through by a **tight** pull. 9. Money is very **tight** this season. 10. It is a **tight** money-market.

tight coop'er (טאיט קוהפ'-ער) א באנ=דאר וואס מאכט פעסער צו האלטען פלי=סיגקייטען.

tight'en *v.* (טאיטן) מאכען פעסט אדער שטייף, אנציהען; ווערען שטייף, אנגעצוי=גען אדער אנגעשטרענגט.

tight'ener *n.* (טאיט'נ-ער) איינער אדער עטוואס וואס מאכט שטייף, ציהט אן אדער שטרענגט אן; א זאטער מאהלצייט.

tight'ening-pul'ley *n.* (טאיט'נ-אינג-פול'-אי) א רעדעל צום אנדריקען און שטייף אנציהען א טרייב=רימען.

tight'er *n.* (טאיט'-ער) ז. *tightener*

tight'ly *adv.* (טאיט'-לי) אויף א שטיי=פען, אנגעצייגענעם אופן; ענג; פעסט; מיט אנשטרענגונג; קאמפאקט, אונדורכ=דרינגליך; נעט, פיין, ציכטיג.

tight'ner *n.* (טאיט'-נער) ז. *tightener*

tight'ness *n.* (טאיט'-נעס) שטייפקייט; פעסטקייט; אנגעצויגענקייט; אונדורכ=דרינגליכקייט; ענגקייט; קארגקייט; קנאפ=קייט, מאנגעלהאפטיגקייט [פון געלד]; געענגטקייט אין געלד; נעטקייט, פיינקייט, ציכטיגקייט.

tight rope (טאיט ראופ) א פעסט אנגע=צויגענער אקראבאטען=שטריק.

tights *n.* (טאיטס) [וואס לייב=קליידער זיינען שטייף אנגעצויגען צום לייב].

ti'gress *n.* (טאי'-גרעס) א טיגעריז.

ti'grine *a.* (טאי'-גרין) טיגער=ארטיג, געשטרייפט ווי א טיגער.

ti'grish *a.* (טאי'-גריש) ז. *tigerish*

tig'-tag *n.* (טיג'-טעג) דאס אבשלאגען אדער צעק=שפיעל [אזא קינדער=שפיעל]. ז. *tag*

tike *n.* (טאיק) א הונד; א נידריגער, געמיינער מענש; א פויער, א דארפסמאן, א פשוט'ער מענש.

tikoor' *n.* (טאי-קוהר') אזא גרויסער אסט=אינדישער בוים מיט גרויסע געלבע, פליישיגע פרוכטען.

ti'kul *n.* (טאי'-קאל) ז. *tikoor*

til *n.* (טיל) די סעזאם=פלאנצע, סעזאם=קערנער. ז. *bene*

til'bury *n.* (טיל'-בע-רי) אזא צוויי=רעדערדיג וועגעל.

til'de *n.* (טיל'-דע) די טילדע, א צייכען [~ אדער —] איבער די בוכ=שטאבען l און n אין שפאניש צו בעצייכ=נען, אז די בוכשטאבען רעדען זיך ארויס ווייך [ווי למשל, אין ווארט señor אדער אין ווארט cañon].

tile *n.* and *v.* (טאיל) א ציגעל; א דאך=ציגעל, א דאך=פאן, א דאכאוועקע, א טשע=רעפיצע; א קאכעל; א גלאזירטע ערדענע פלאטע; א בעציערטע ליימענע אדער מאר=מארנע פלאטע; א ליימענער צודעק פאר א שמעלץ=קעסעל; א טייל פון א ליימע=נער רעהר; ציגעל=געבוי; רינעס; א צי=לינדער=הוט; א לינדענבוים; דעקען מיט דאך=ציגעל אדער מיט דאכאוועקעס; ביי די פריימויערער — היטען, אז קיין פרעמ=דער זאל ניט אריינקומען [צו א פערזאמ=לונג]; מוזען האלטען בסוד.

tile'-cop'per *n.* (טאיל'-קאפ'-ער) ניט ריינער קופער.

tile'-crea'sing *n.* (טאיל'-קריע'-סינג) א דאך=רינע פון צוויי האריזאנטאלע ריי=הען ציגעל.

tile'-drain *n.* (טאיל'-דריין) אן אבצוגס=רינע געמאכט פון ציגעל.

tile'-field *n.* (טאיל'-פיעלד) א ציגעלניע, א ציגעל=ברענעריי, א פלאץ וואו מען מאכט ציגעל.

tile'-kiln *n.* (טאיל'-קיל) א ציגעל=אויווען [צום ברענען ציגעל].

tile'-machine' *n.* (טאיל'-מע-שין') א מאשין צו מאכען ליימענע רעהרען אדער רינעס.

tile'-ore *n.* (טאיל'-אור) ציגעל=ערץ, קופ=פער=ברויז [א מין קופער=ערץ].

tile'-ov'en *n.* (טאיל'-אוו'ן) ז. *tile-kiln*

tile'-pin *n.* (טאיל'-פין) א ציגעל=פלעקעל [א פלעקעל צו בעפעסטיגען א דאכאוועקע אדער א דאך=ציגעל].

ti'ler *n.* (טאי'-לער) א ציגעל=מאכער; איינער וואס דעקט דעכער מיט דאכאווע=קעס; א ציגעל=אויווען; ביי די פריימויע=רער — א טהיר=וועכטער [ביי די פער=זאמלונגען].

tile'-red *n.* and *a.* (טאיל'-רעד) ציגעל=רויט; ציגעל=רויטער קאליר [א העלער ברוינליך=רויטער קאליר].

ti'lery *n.* (טאי'-לער-אי) א ציגעלניע, א ציגעל=ברענעריי, א ציגעל=פאבריק.

tile'stone *n.* (טאיל'-סטאון) א ציגעל; א ב'רעטערדיגער זאמד=שטיין [א שטיין וואס שפאלט זיך אין דינע פלאטען, וועלכע קע=נען געברויכט ווערען אלס דאך=ציגעל].

tile'-tea *n.* (טאיל'-טיע) ציגעל=טהעע [טהעע צוזאמענגעדריקט אין דער פארם פון ציגעל]. ז. *brick-tea*

tile'-tree *n.* (טאיל'-טריע) א לינדענ=בוים.

tile'-works *n.* (טאיל'-הוואירקס) ז. *tilery*

Til'ia *n.* (טיל'-אי-א) דער מין לינדענ=בוימער.

Tilia

Tilia'ceæ *n.* (טיל-אי-איי'-סי-אי) אן אונטער=גרופע פון דעם מין לינדענבוימער. ז. *Tilia*

ti'ling *n.* (טאי'-לינג) א ציגעל=דאך; ציגעל; ציגעל=בעדעקונג, ציגעל=פלאכטע=רונג.

till *v., n., prep. and c.* (טיל) בעאר=בייטען ערד, אקערען; א שופלאד; א געלד=קעסטעל, א געלד=שופלאד; א שיעב=ברעט [פון א קאסטען]; א הארטער, ליימענער באדען; ביז, ביז וואנען, ביז צו.

till'able *a.* (טיל'-עבל) וואס קען גע=אקערט ווערען, וואס קען בעארבייט ווע=רען [וועגען לאנד].

till'age *n.* (טיל'-עדזש) לאנד=בעארביי=טונג, לאנד=קולטיווירונג, אקערבוי.

till'-alarm' *n.* (טיל'-ע-לארם') א שופלאד=אלארם [א פארריכטונג ביי א שופלאד, וועלכע הויבט אן קלינגען, ווען מען עפענט דעם שופלאד].

tilland'sia *n.* (טי-לענד'-זי-א) דער פלארידער מאך [אזא פלאנצע פון די הייסע טיילען פון אמעריקא וואס ווערט גע=ברויכט צום אנשטאפען מאטראצען].

till'er *n. and v.* (טיל'-ער) א ערד=ארבייטער; א שטאנג וואס דיענט אלס גריף אדער הענטעל; א העלם=שטאק, דער גריף אדער דער שטאנג איבער דעם רו=דער; דער גריף פון א לאפעטע, זעג א. ז. וו.; א ווארצעל=שפראצונג; א שפרא=צונג; ארויסגעבען ווארצעל=שפראצונגען [וועגען פלאנצען און הויפטזעכליך ווע=גען תבואות].

till'er-chain *n.* (טיל'-ער-טשיין) א שטייער=קייט [א קייט וואס פעראייניגט דעם שיפס=רודער מיט דעם טרייב=ראד].

till'er-head *n.* (טיל'-ער-העד) דער ענד=טייל פון א העלם=שטאק אדער רודער=גריף.

till'er-rope *n.* (טיל'-ער-ראופ) א שטייער=שטריק [א שטריק וואס פעראיי=

נינט דעם רודער-גריף מיט דעם טרייב-ראד פון א שיף].

til'ley-seed *n.* (טיל'-אי-סיעד) ז. *tilly-seed*

till'-lock *n.* (טיל'-לאק) א טיש-קעסטעל שלאס, א שופלאד-שלאס.

till now (טיל נאו) ביז יעצט.

till'y *a.* (טיל'-אי) וואס בעשטעהט פון אזא הארטען ליים, וואס האט א הארטען ליימיגען באדען.

til'ly-fal'ly *int.* (טיל'-אי-פעל'-אי) ז. *tilly-vally*

til'ly-seed *n.* (טיל'-אי-סיעד) קראטאן-קערנער [אזעלכע קערנער, פון וועלכע מען בעקומט קראטאן-אויל]. ז. *croton-oil*

til'ly-val'ly *int.* (טיל'-אי-וועל'-אי) דומהייטען! נארישקייטען!

til'mus *n.* (טיל'-מאס) דאס צופען דאס בעט-געוואנד [פון א קראנקען אין היץ]. ז. *carphology*

til'-oil *n.* (טיל'-איל) סעזאם-אויל. ז. *bene*

tilt *v. and n.* (טילט) 1. זיך וואקלען, זיך שאקלען; וואקלען, שאקלען, שטויסען; 2. אנבויגען; זיך אנבויגען; 3. אנפאלען מיט א שפיז, פעכטען מיט א שפיז [אין א טורניר אדער געפעכט]; אנפאלען, קעמפפען; 4. אריינשטירצען, זיך אריינרייסען, אריינלויפען; 5. האמערען, שמיעדען מיט א שטאב-האמער [אזא גרויסער מאשין-האמער]; 6. איבערציהען מיט א שירם, מאכען א זונען-איבערדעק אדער בויד; 7. א קלאפ, א שטויס; 8. אנגעבויגענקייט; א בויג; 9. א געפעכט אין א טורניר; אן איבערפאל, א קאמפף; 10. א פארריכטונג צו פישען אונטער'ן אייז; 11. א געצעלט, א בויד, א זונען-איבערצוג; 12. דער שטראנד-רייטער [אזא פויגעל. ז. *stilt-bird*]; 13. א שטאב-האמער [אזא גרויסער מאשין-האמער].

1. The long green lances of the corn are **tilting** in the winds of morn. 2. He slept a few hours with his chair **tilted** back against the wall. 3. He ran amuck and **tilted** at all he met. 4. Out of breath she **tilted** into the house. 8. He gave the cask a **tilt** and emptied it.

tilt'-boat *n.* (טילט'-באוט) א בעדעקטעס שיפעל, א שיפעל מיט א זונען-שירם אדער בויד.

til'ted steel (טיל'-טעד סטיעל) געגרבשטאהל, ראפינירטער שטאהל. ז. *shear-steel*

til'ter *n.* (טיל'-טער) א שפיזען-פעכטער, א שפיזען-קעמפפער, א טורניר-קעמפפער; איינער וואס שמיעדט מיט א שטאב-האמער [אזא גרויסער מאשין-האמער]; איינער וואס בויגט איין אדער מאכט משופע'דיג; א פארריכטונג איינצובויגען כלים [צום אויסלעדיגען זיי]; א פארריכטונג צו פישען אונטער'ן אייז.

tilth *n.* (טילטה) אקערונג, ערד-בעארבייטונג; קולטיווירטעס לאנד; דאס זיין געאקערט אדער פארבערייטעט צום פערזעען [וועגען לאנד]; ערנטע, פראדוצירטע תבואות; דער צואקערטער באדען-שיכט: דער באדען-שיכט, אין וועלכען די תבואות זיינען איינגעווארצעלט.

tilt'-ham'mer *n.* (טילט'-העמ'-ער) א שטאב-האמער [אזא גרויסער מאשין-האמער צו שמיעדען שטאבעם אייזען].

til'ting-lance *n.* (טיל'-טינג-לענס) א טורניר-שפיז, א פעכט-שפיז.

til'ting-spear *n.* (טיל'-טינג-ספיער) ז. *tilting-lance*

tilt'-mill *n.* (טילט'-מיל) דאס האמער-ווערק, די מאשינעריע וואס ברייננט אין בעוועגונג א שטאב-האמער [א גרויסער מאשין-האמער צום שמיעדען שטאבעם אייזען].

til'-tree *n.* (טיל'-טריע) א לינדענבוים.

tilts *n.* (טילטס) דער אבזאץ פון ביער; שטאב-האמערס, ביידלעך א. ז. וו. ז. *tilt*

tilt up (טילט אפ) — אין געאלאגיע אויסבויגען, מאכען משופע'דיג.

tilt'-up *n.* (טילט'-אפ) א פארריכטונג צו פישען אונטער'ן אייז; א שטראנד-לויפער [ז. *sandpiper*].

tilt'-yard *n.* (טילט'-יארד) א טורניר-פלאץ, א פעכט-פלאץ, א פלאץ פאר שפיזען-געפעכט.

til'wood *n.* (טיל'-הוואוד) דאס האלץ פון א געוויסען לינדענבוים אין די קאנארישע אינזלען [דאס האלץ האט א זעהר שלעכטען גערוך].

tim'bal *n.* (טימ'-בעל) א קעסעל-פויק. ז. *kettledrum*

tim'ber *n., a. and v.* (טימ'-בער) געהילץ, בוי-האלץ, געהילץ-בוימער; וואלד; א פול-אויסגעוואקסענער בוים [וועלכען עס איז ערלויבט אויסצוהאקען לויט די ענגלישע געזעצע]; א שטיקעל געהילץ; א ריפען-שטאנג פון א שיף; דער הילצערנער טייל פון עפעס; שטאף, מאטעריאל; פון געהילץ, הילצערן; בעזארגען מיט געהילץ.

tim'ber-bee'tle *n.* (טימ'-בער-ביע'טל) א געהילץ-אינזעקט [אן אינזעקט, וועלכער שעדיגט געהילץ אדער וועמענס לארווא שעדיגט געהילץ].

tim'ber-brick *n.* (טימ'-בער-בריק) א ציגעל-פערמיגעס שטיק האלץ אין א מויער.

tim'ber-cart *n.* (טימ'-בער-קארט) א געהילץ-וואגען [א וואגען צו פיהרען געהילץ].

tim'bered *a.* (טימ'-בערד) 1. געבויט [פון געהילץ]; 2. בעזארגט מיט געהילץ.

1. Ours is a well-**timbered** house. 2. The land is well-**timbered**.

tim'berer *n.* (טימ'-בער-ער) ז. *timberman*

tim'ber-grouse *n.* (טימ'-בער-גראוס) א וואלד-הוהן. ז. *grouse*

tim'ber-head *n.* (טימ'-בער-העד) דער פאלער [דער קאפ אדער אויבערשטער טייל פון א סלופ וואס קומט ארויס איבער דעם דעק פון א שיף און דיענט צום בעלעגען מיט שטריק].

tim'ber-hitch *n.* (טימ'-בער-היטש) דער צימערמאן-שטיך [א מין קנופ וואס ווערט געמאכט אויף א שטריק פון א שיף].

tim'bering *n.* (טימ'-פער-אינג) דאס בעשלאגען מיט געהילץ; האלץ-ארבייט.

tim'ber-line *n.* (טימ'-בער-לאין) די הויך אויף דער אויבערפלעכע פון דער ערד, אויף וועלכער קיין געהילץ-בוימער קענען שוין ניט וואקסען [ווי למשל, אויף הויכע בערג, וואו עס איז שוין צו קאלט].

tim'berling *n.* (טימ'-בער-לינג) א קליינער געהילץ-בוים.

tim'ber-lode *n.* (טימ'-בער-לאוד) אין דער פעאדאלער ארדנונג — א פליכט צו פיהרען פאר'ן פריץ געהילץ פון וואלד צום פריץ'ס הויף.

tim'berman *n.* (טימ'-בער-מען) איינער וואס שטעלט אויף און האלט אין ארדנונג די האלץ-בעשלאג און אונטערשפארעס אין א קויהלען-גרוב אדער שאכטע.

tim'ber-mer'chant *n.* (טימ'-בער-מויר'-טשענט) א געהילץ-הענדלער.

tim'ber-scribe *n.* (טימ'-בער-סקראיב) אן אינסטרומענט צו מאכען צייכענס אויף געהילץ.

tim'ber-tree *n.* (טימ'-בער-טריע) א געהילץ-בוים [א בוים וואס ווערט בענוצט אלס בוי-געהילץ].

tim'ber-wolf *n.* (טימ'-בער-הוואולף) דער געוועהנליכער גרויער אמעריקאנישער וואלף [פון די מעסטליכע טיילען פון נארד-אמעריקא].

tim'ber-work *n.* (טימ'-בער-הוואירק) האלץ-ווערק, געהילץ-ארבייט.

tim'ber-worm *n.* (טימ'-בער-הוואירם) א האלץ-ווארים [אינזעקטען-לארוואס אדער אינזעקטען-ווערים וואס שעדיגען געהילץ].

tim'ber-yard *n.* (טימ'-בער-יארד) א האלץ-לאגער, א געהילץ-פלאץ.

tim'bre *n.* (טימ'-בער) דער טעמבער [דער קאלאריט פון א טאן אדער שטימע, די קוואליטעט פון א טאן אדער קלאנג].

tim'bred *a.* (טימ'-בערד) ז. *timbered*

tim'brel *n.* (טימ'-ברעל) א טאמבורין [אזא פויק]. ז. *tambourine*

timbrol'ogy *n.* (טימ-בראל'-א-דזשי) דאס שטודיום פון פאסט-מארקען.

tim'bul *n.* (טימ'-באל) א קעסעל-פויק. ז. *kettledrum*

time *n. and v.* (טאים) 1. צייט; א צייט, אן עפאכע; צייט-דויער; לעבענס-צייט; לעהר-צייט [ביי א בעל מלאכה]; א געפענגנים-טערמין [וויפיעל איינער דארף זיצען אין געפענגנים]; א בעשטימטע צייט; די טויט-שטונדע; 2. צייט-רעכנונג; 3. דאס צייט-פערברייינגען; 4. א מאל; 5. טאקט, ריטם, טעמפא, מעטער; 6. א מענזור [א בעוועגונג ביים פעכטען]; 7. צופאסען צו דער צייט אדער צו דער געלעגענהייט; טהאן אין צייט; רעגולירען לויט דער צייט; 8. אנשטעלען [א זייגער]; 9. בעשטימען די צייט אדער די שנעלקייט; 10. האלטען טאקט; 11. הארמאנירען; 12. בענוצען זיך מיט דער געלעגענהייט אנצופאלען אויף'ן געגנער [ביים פעכטען].

2. My watch shows the standard **time**. 3. We had a good **time** at the party. 4. This is the first **time** I met him. 5. The melody is sung in quick **time**. 7. The stroke was well **timed**. 9. He **timed** the speed of the horse. 11. His new ideas **time** with the spirit of the age.

time af'ter time (טאים עפ'-טער טאים) נאכאנאנד.

time'-alarm' *n.* (טאים'-ע-לארם') א פארריכטונג צו געבען אן אלארם אין א בעשטימטער צייט, צום אויפוועקען פון שלאף א. ז. וו.; א זייגער; א וועק-זייגער.

time and again' (טאים ענד ע-גען') נאך אמאל און ווידער אמאל, ווידער-האלענד.

time'-attack' *n.* (טאים'-ע-טעק') ז. *time-thrust*

time'-ball *n.* (טאים'-באהל) א צייט-קוגעל [א סיגנאל-קוגעל וואס לאזט זיך ארונטער פון א הויכען פלאץ אדער אבזערוואטאריום צו צייגען א בעשטימטע צייט, הויפטזעכליך מיטאג-צייט].

time'-bar'gain *n.* (טאים'-באר'-גען) א צייט-קויף, א קויף אויף צוקונפטיגער ליפערונג; א פרעמיען-קויף [דאס קויפען זאכען, ווי אקציען למשל, ניט אום צו קריגען די זאכען, נאר צו קריגען אדער צו דערצאהלען דעם אונטערשיעד אין מארק-פרייז אין א בעשטימטער צייט].

time'-begui'ling *a.* (טאים'-בי-גאי'-

לינג) וואס פערקירצט די צייט, וואס מאכט די צייט לויפען שנעל.

time'-bill *n.* (טאים'-ביל) ז. *time-table*

time'-book *n.* (טאים'-בוק) אן ארבייטס-צייט בוך [א בוך, וואו עס ווערט פערשריבען ווי פיעל צייט עס ארבייטען די ארבייטער].

time'-can'dle *n.* (טאים'-קענ'דל) א ליכט פון א בעשטימטער גרויס, וואס ברענט אויס אין א בעשטימטער צייט און וואס דיענט צו בעשטימען די צייט [לויט דעם איבערגעבליבענעם טייל ביים ברענען].

time'-card *n.* (טאים'-קארד) א צייט-קארטע, א קארטע מיט א צייט-טאבעלע, [ווי למשל, וועגען דער צייט, ווען עס געהען אב פערשיעדענע אייזענבאהנען]; א קארטע צו פערצייכנען ווען אן ארבייטער שטעלט זיך ארבייטען.

time'-clock *n.* (טאים'-קלאק) א זייגער, אויף וועלכען ארבייטער דריקען אב די צייט, ווען זיי הויבען אן און ענדיגען די ארבייט.

time'-detec'tor *n.* (טאים'-די-טעק'-טאר) א זייגער, אויף וועלכען א וועכטער דריקט אב זיין יעדען רונד-גאנג; א זייגער, אויף וועלכען ארבייטער דריקען אב די צייט, ווען זיי הויבען אן און ענדיגען זייער ארבייט.

time'ful *a.* (טאים'-פול) רעכטצייטיג, וואס איז אין צייט, פריה.

time'-fuse *n.* (טאים'-פיוז) א צינדרעהר אדער צינד-שנור [ווי למשל, פון א באמבע] וואס ברענט א בעשטימטע צייט.

time'-glass *n.* (טאים'-גלעס) א זאמד-זייגער. ז. *hour-glass*

time'-globe *n.* (טאים'-גלאוב) א קוגעל איבער א זייגער, וואס מאכט א קרייז-בעוועגונג אין 24 שטונדען און צייגט די צייט.

time'-gun *n.* (טאים'-גאן) א סיגנאל-קאנאנע [א קאנאנע וואס ווערט אויסגעשאסען אלס צייכען פון א בעשטימטער צייט].

time'-hon'ored *a.* (טאים'-אנ'-ארד) געעהרט פאר א לאנגער צייט; געעהרט צוליעב אלטקייט אדער לאנגען דויער.

Time-honored customs can not be easily discarded.

time'-in'dicator *n.* (טאים'-אינ'-די-קיי-טאר) ז. *time-detector*

time'ist *n.* (טאים'-איסט) ז. *timist*

time'keeper *n.* (טאים'-קיע-פער) א צייט-פערצייכנער; א זייגער; א כראנאמעטער; א טאקט-מעסטער; איינער וואס צעהלט אדער קלאפט אב דעם טאקט [ביים זינגען אדער שפיעלען].

time'less *a.* (טאים'-לעס) וואס איז ניט אין צייט, וואס איז ניט אין דער רעכטער צייט; איביג, אונענדליך; וואס האט ניט קיין בעשטימטע צייט, אהן א דאטום.

time'lessly *adv.* (טאים'-לעס-לי) ניט אין צייט, ניט אין דער רעכטער צייט; אהן א בעשטימטער צייט.

time'liness *n.* (טאים'-לי-נעס) רעכטצייטיגקייט, דאס זיין פונקט אין צייט אדער אין דער רעכטער צייט.

time'-lock *n.* (טאים'-לאק) א שלאס, וואס קען אבגעשלאסען ווערען בלויז אין א בעשטימטער צייט נאך דער פערשליסונג.

time'ly *a. and adv.* (טאים'-לי) 1. רעכטצייטיג, וואס איז פונקט אין צייט, וואס איז אין דער ריכטיגער צייט; 2. אין צייט, אין דער ריכטיגער צייט; 3. פריה.

1. Timely help saved him from drowning. 2. The discovery of the fraud was not timely enough to affect the result.

time'-me'ter *n.* (טאים'-מיע'-טער) ז. *timekeeper*

ti'menog *n.* (טאי'-מענ-אג) ז. *timenoguy*

timen'oguy *n.* (טאי-מענ'-א-גאי) א מין אבהאלט-שטריק אויף א שיף.

time of day (טאים אוו דיי) 1. טאג-בעגריסונג [ווי גוט-מארגען, גוט-אבענד א. ז. וו.]; 2. די צייט, די שטונדע [פון טאג]; 3. די איצטיגע לאגע אדער צושטאנד.

1. My neighbors always pass me the time of day. 2. What time of day is it? 3. Put one up to the time of day.

time'piece *n.* (טאים'-פיעס) א פאר-ריכטונג צו צייגען די צייט; א זייגער.

time'-plea'ser *n.* (טאים'-פליע'-זער) ז. *time-server*

time pol'icy (טאים פאל'-אי-סי) א צייטווייליגע פאליסע [א פערזיכערונגס-שיין וואס ווערט בטל נאך א בעשטימטער צייט].

ti'mer *n.* (טאי'-מער) א צייט-פערצייכנער; אזא זייגער צו בעשטימען קורצע צייט-אינטערוואלען.

time'-recor'der *n.* (טאים'-רי-קאהר'-דער) א צייט-פערצייכנער; איינער וואס פערצייכענט די צייט, ווען ארבייטער הויבען אן און ענדיגען זייער ארבייט; א זייגער, אויף וועלכען ארבייטער דריקען אב די צייט, ווען זיי קומען און געהען אוועק פון דער ארבייט.

time'-sense *n.* (טאים'-סענס) די פעהיגקייט צו בענעהמען צייט און צייט-פערהעלטניסע, דער בעגריף וועגען צייט.

time'-ser'ver *n.* (טאים'-סויר'-ווער) איינער וואס געהט וואוהין דער ווינד בלאזט; איינער וואס דענקט און האנדעלט אזוי ווי די מאכט-האבער ווילען; א שקלאפיש-אונטערטעניגער מענש.

time'-ser'vice *n.* (טאים'-סויר'-ווים) דאס לאזען וויסען די ריכטיגע צייט [פון אסטראנאמישע אבזערוואטאריעס].

time'-ser'ving *a. and n.* (טאים'-סויר'-ווינג) וואס געהט וואוהין דער ווינד בלאזט; וואס דענקט און האנדעלט ווי די מאכט-האבער ווילען; שקלאפיש; דאס שטימען מיט דער צייט; צופאסונג צו די אנגענומענע מיינונגען; אונטערווארפענהייט, שקלאפישקייט, אונטערטעניגקייט.

time'-ser'vingness *n.* (טאים'-סויר'-ווינג-נעס) דאס געהן וואוהין דער ווינד בלאזט; דאס דענקען און האנדלען אזוי ווי די מאכט-האבער ווילען; שקלאפישע אונטערטעניגקייט.

time'-sheet *n.* (טאים'-שיעט) א צעטעל פון ארבייטס-שטונדען.

time'-sight *n.* (טאים'-סאיט) די בעשטימונג [פון א שיף] פון דער לאגע פון א הימעלשען קערפער [אום דורך דעם זיך צו דערוויסען די ריכטיגע צייט און די געאגראפישע לאגע פון דעם ארט, וואו די שיף געפינט זיך].

time'-sig'nal *n.* (טאים'-סיג'-נעל) א סיגנאל וואס דייטעט אן א בעשטימטע צייט פון טאג.

time'-sig'nature *n.* (טאים'-סיג'-נע-טשור) די טאקט-בעצייכנונג ביים נאטען-שליסעל.

times to come (טאימז טו קאם) די קומענדע צייטען, די צוקונפט.

time'-ta'ble *n.* (טאים'-טיי'בל) א צייט-טאבעלע [א פערצייכניס פון די שטונדען ווען עפעס דארף געשעהן [ווי א טאבלעע פון דער צייט ווען אייזענבאהנען געהען אב און קומען אן]; א טאקטען-טאבעלע [א טאבעלע פון נאטען פון פערשיעדענעם צייט-דויער].

time'-thrust *n.* (טאים'-טהראסט) אן איבערפאל אין פעכטען בעת דער געגנער ציהט אב דעם אטהעם אדער בעת ער קלייבט זיך צו אן איבערפאל.

time'-val'ue *n.* (טאים'-וועל'-יו) דער צייט-דויער פון א מוזיקאלישער נאטע.

time'-work *n.* (טאים'-הוואירק) צייט-ארבייט, טאג-ארבייט, שטונדען-ארבייט [אין געגענזאץ צו שטיק-ארבייט].

time'-worn *a.* (טאים'-הוואורן) פערעלטערט, אלט, אבגעניצט.

tim'id *a.* (טימ'-איד) שרעקעדיג.

timid'ity *n.* (טי-מיד'-אי-טי) שרעקעדיגקייט.

tim'idly *adv.* (טימ'-איד-לי) שרעקעדיג.

tim'idness *n.* (טימ'-איד-נעס) ז. *timidity*

ti'ming *n.* (טאי'-מינג) די ריכטיגע צופאסונג פון מאשינען-טיילען.

tim'ist *n.* (טאים'-איסט) א טאקט-האלטער, א שפיעלער אדער זינגער וואס האלט ריכטיג דעם טאקט.

He is a good singer but a poor timist.

timoc'racy *n.* (טאי-מאק'-רע-סי) טימאקראטיע, פערמעגענס-הערשאפט [אזא רעגיערונגס-פארם, וואו א רעגיערונגס-שטעלע קען פערנעהמען בלויז א רייכער אדער פערמעגליכער מענש].

timocrat'ic *a.* (טימ-א-קרעט'-איק) טימאקראטיש; וואס איז שייך צו א טימאקראטיע. ז. *timocracy*

Ti'monist *n.* (טאי'-מאנ-איסט) א מיזאנטראפ, א מענשען-פיינד [איינער וואס איז ענליך צו טימאן פון אטהען, א בעוואוסטער "מענשען-פיינד", אין דער צייט פון דעם פעלאפאנעזישען קריעג].

Ti'monize *v.* (טאי'-מאנ-איז) ארויסשטעלען זיך פאר א מיזאנטראפ אדער מענשען-פיינד.

timoro'so *a.* (טימ-א-ראו'-סאו) אין מוזיק — שרעקעדיג, ניט פעסט, ניט זיכער [וועגען א געוויסער ארט שפיעלען].

tim'orous *a.* (טימ'-א-ראס) שרעקעדיג; וואס האט מורא; וואס בעקומט זיך פון מורא אדער אונזיכערהייט.

tim'orously *adv.* (טימ'-א-ראס-לי) אויף א שרעקעדיגען אופן; מיט מורא; מיט אונזיכערקייט אוים מורא.

tim'orousness *n.* (טימ'-א-ראס-נעס) שרעקעדיגקייט, פורכטזאמקייט, ענגסטליכקייט.

tim'othy *n.* (טימ'-א-טהי) ז. *timothy-grass*

tim'othy-grass *n.* (טימ'-א-טהי-גרעס) טימאטהעאוס-גראז [איינס פון די בעסטע גראזען וואס דיענען אלס פוטער פאר בהמות. וואקסט אין איירארא און אמעריקא].

tim'-whis'ky *n.* (טימ'-הוויס'-קי) א לייכטע איינשפאניגע קארעטע.

tin *n., a. and v.* (טין) צין; בלעך בעדעקט מיט צין, וויים-בלעך; א צינענע כלי; געלד; געמאכט פון צין; פערצינען, בעדעקען מיט צין; האלטען אדער פאקען עפעס אין א צינענער כלי.

tin'amou *n.* (טינ'-ע-מוה) די זיד=אמעריקאנישע גראז=הוהן.

Tinamou

tin'cal *n.* (טינ'-קעל) דער רויהער באראקס. ז. ***borax***

tin'-case *n.* (טינ'-קיים) א צינענע אדער בלעכענע שאכטעל.

tin'chel *n.* (טינ'-טשעל) א גרויסער קרייז פון יעגער, וועלכע רינגלען ארום א הירש, מאכענדיג דעם קרייז ארום איהם אלץ ענגער און ענגער.

tin'chill *n.* (טינ'-טשיל) ז. ***tinchel***

tin'clad *n.* (טינ'-קלעד) אין צייט פון בירגער=קריעג אין אמעריקא — א קריעגסשיף וואס איז געווען בעשלאגען מיט דינעם בלעך [געווען בענוצט אין די וועסטליכע טייכען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא אין דער צייט פון בירגער=קריעג].

tinc'tion *n.* (טינק'-שאן) פארב=שטאף; עטוואס וואס גיט צו א קאליר.

tincto'rial *a.* (טינק-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו פארבעריי; וואס ברייגנט ארויס א פארב.

tinc'ture *n. and v.* (טינק'-טשור) א פארב, א קאליר; א געפארבטע זאך; א שאטירונג, א געשמאק, א טעם; אין מעדיצין — די טינקטור [א פליסיגקייט, וואס ענטהאלט אין זיך די עסענץ פון א געוויסען שטאף פאנאנערגעלאזען אין אלקאהאל אדער עטהער]; פארבען, צוגעבען א קאליר; ווירצען, צוגעבען א געוויסען טעם.

tind *v. and n.* (טינד) צינדען, אנצינדען; אן ארוסגעשטארצטער שפיציגער טייל פון עפעס [ווי א צווייג פון א פלאנצע, דער הארן פון א בהמה א. ד. ג.].

tin'dal *n.* (טינ'-דעל) אין אסט=אינדיען — אן אינדישער אונטער=אפיציער אין דער אסט=אינדישער ארמעע.

tin'der *n.* (טינ'-דער) צונטער [אן אויסגעטריקענטעם ווייכעם מאטעריאל, וואס צינדט זיך אן פון איין פונק].

tin'der-box *n.* (טינ'-דער-באקס) 1. די צונטער=שאכטעל [ז. ***tinder***]; 2. עפעס וואס קען זיך לייכט אנצינדען.

2. The house was nothing but a **tinder-box.**

tin'der-like *a.* (טינ'-דער-לאיק) ווי צונטער; וואס צינדט זיך לייכט, צינדבאר.

tin'dery *a.* (טינ'-דער-אי) ווי צונטער; וואס צינדט זיך לייכט אן; וואס ווערט לייכט אויפגעגרעגט.

tine *n.* (טאין) א צאהן [ווי פון א גאפעל]; א צווייגעל [ווי פון א הירש'ס הארן].

tin'ea *n.* (טינ'-אי-א) ז. ***ringworm***

tined *a.* (טאינד) וואס האט צייהנער [ווי א גאפעל].

tin'-foil *n. and v.* (טינ'-פאיל) צין=פאליע, צין=בלאט, צין=פאפיער [וואס ווערט בענוצט צום איינוויקלען, ווי פעקלעך טהעע, טאבאק א. ד. ג.]; איינוויקלען אן ארטיקעל אין צין=בלאט.

ting *v. and n.* (טינג) קלינגען, מאכען "טינג"; א קלאנג; א "טינג"=קלאנג.

ting'-a-ling' *n.* (טינג'-ע-לינג') דאס קלינגען פון א גלעקעל.

tinge *v. and n.* (טינדזש) צוגעבען א לייכטע שאטירונג; מאכען ווייכער א געוויסע פארבונג אדער קאליר; צוגעבען א טעם, מאכען געשמאק; א לייכטע פארב אדער קאליר, א שאטירונג; א בע'טעמ'ונג.

tin'-glass *n.* (טינ'-גלעס) צין=גלאז, וויסמוט. ז. ***bismuth***

tin'gle *v. and n.* (טינגל) קלינגען, זשומען, זשוזשען, רוישען [אין די אויערען]; שטעכען, שמערצען; פיהלען א דורכנעהמענדען קלאנג; פיהלען א דורכדרינגענדען שמערץ; פיהלען שטעכעניש; דאס קלינגען פון א גלעקעל; דאס פיהלען א שטעכעניש; א דורכדרינגליכער שמערץ.

tink *v. and n.* (טינק) ארויסברייגגען א קלינגענדען טאן [ווי ביים קלאפען שטיקלעך מעטאל איינע אן די אנדערע]; א קלונג, א קלינגענדער טאן.

tin'ker *n. and v.* (טינ'-קער) א בלעכער, וואס געהט אום פון הויז צו הויז צו פערריכטען קיך=געשיר; דאס פערריכטען מעטאלענע כלים; א לאטוטניק, א פארטאטש; א פארטאטשקע שטיקעל ארבייט; דאס פארטאטשעווען; א קליינער מאקרעל [א זא. פיש]; פערריכטען קיך=געשיר; ארויפלעגען לאטעס, מאכען פארטאטשקע ארבייט.

tin'kerly *a.* (טינ'-קער-לי) פארטאטשיש.

tin'kle *v. and n.* (טינקל) קלינגען, קלינגלען; רוישען, זשוזשען [אין די אויערען]; מאכען קלינגען; דאס קלינגען [ווי פון א גלעקעל]; א קלינגעריי.

tin'kler *n.* (טינ'-קלער) א קלינגער, א קליין גלעקעל; איינער וואס געהט אום פון הויז צו הויז צו פערריכטען קיך=געשיר; א וואנדערער, א בראדיאגע.

tin'kling *n.* (טינ'-קלינג) דאס קלינגען [ווי פון א גלעקעל], א קלינגענדער גערויש; א מין שווארצער פויגעל פון יאמאיקא.

tin'-liq'uor *n.* (טינ'-ליק'-אר) צין=בייצע [צין וואס איז פאנאנדערגעלאזען אין א שטארקער זויער=פליסיגקייט. ווערט געברויכט צו בייצען וואל פאר'ן פארבען].

tin'man *n.* (טינ'-מען) א בלעכער, איינער וואס מאכט צינענע כלים אדער צין=בלעך; איינער וואס האנדעלט מיט צינענע כלים.

tin'-mine *n.* (טינ'-מאין) א צין=גרוב; א שאכטע וואו מען גראבט צין.

tin'-mor'dant *n.* (טינ'-מאהר'-דענט) ז. ***tin-liquor***

tin'ner *n.* (טינ'-ער) איינער וואס מאכט צינענע כלים; אן ארבייטער אין א צין=גרוב אדער צין=שאכטע.

tin'ning *n.* (טינ'-אינג) דאס צינען, דאס ווייסען, דאס בעדעקען א מעטאלענע כלי מיט צין; דאס מאכען אדער פערריכטען צינענע כלים; די צין=שיכט וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף מעטאלענע כלים.

tinni'tus *n.* (טי-נאי'-טאס) אין מעדיצין — טיניטוס, דאס קלינגען אין די אויערען.

tin'ny *a.* (טינ'-אי) צינערן, פון צין; רייך אין צין.

tin'-pen'ny *n.* (טינ'-פענ'-אי) אין אמאליגע צייטען אין ענגלאנד — א געוויסע צאהלונג פאר אן ערלויבניש צו גראבען צין אין צין=שאכטען.

tin'-plate' *n.* (טינ'-פלייט') ווייס=בלעך; א צינענע פלאטע.

tin'plate' *v.* (טינ'-פלייט') צינען, ווייסען, בעדעקען מיט צין.

tin'-put'ty *a.* (טינ'-פאט'-אי) צין=אש [צו פאלירען כלים].

tin'sel *n., v. and a.* (טינ'-סעל) פליטער=גאלד; פליטערלעך; א פוסטער גלאנץ; בעפוצען מיט פליטער=ווערק; בעציערען מיט עטוואס בלישטשענדעס; מיט פליטערלעך; בלישטשענד; וואס ווארפט זיך צופיעל אין די אויגען.

tin'-shop *n.* (טינ'-שאפ) א בלעכער=ווערקשטאט [א ווערקשטאט, וואו עס ווערען געמאכט אדער פערריכט בלעכענע און צינענע כלים].

tin'smith *n.* (טינ'-סמיטה) א בלעכער.

tin'smithing *n.* (טינ'-סמיטה-אינג) בלעכעריי.

tin'stone *n.* (טינ'-סטאון) צין=שטיין, צין=ערץ.

tint *n. and v.* (טינט) די פארבונג, דער קאלאריט; דער קאליר, דער טאן פון פארבען, די שאטירונג; צוגעבען קאלאריט; פארבען מיט א געוויסער שאטירונג.

tin'ter *n.* (טינ'-טער) איינער אדער עפעס וואס גיט צו א שאטירונג אדער קאלאריט.

tin'tiness *n.* (טינ'-טי-נעס) דאס האבען א קאלאריט אדער שאטירונגען פון פארבען.

tin'ting *n.* (טינ'-טינג) אין גראווירונג — דאס מאכען א קאלאריט אדער שאטירונג דורך אויסקריצען סעריעס פון גראדע און פאראלעלע ליניען אויף'ן גראוויר=שטיין.

tintinnab'ulant *a.* (טינ-טי-נעב'-יו-לענט) ז. ***tintinnabular***

tintinnab'ular *a.* (טינ-טי-נעב'-יו-לאר) וואס איז שייך צו גלאקען אדער צו זייער קלאנג; קלינגענד [ווי א גלאק].

tintinnab'ulary *a.* (טינ-טי-נעב'-יו-לע-רי) קלינגענד; וואס האט א קלונג [ווי א גלאק].

tintinnabula'tion *n.* (טינ-טי-נעב-יו-ליי'-שאן) דאס קלינגען פון א גלאק אדער גלאקען; א קלונג ווי פון א גלאק.

tintinnab'ulous *a.* (טינ-טי-נעב'-יו-לאס) וואס קלינגט מיט א גלאק.

tintinnab'ulum *n.* (טינ-טי-נעב'-יו-לאם) א גלאק, א גלעקעל; א קלינגעריי פון קליינע גלעקלעך.

tint'less *a.* (טינט'-לעס) אהן פארבען, אהן א קאלאריט.

tin'to *n.* (טינ'-טאו) דער רויטער מאדיירא=וויין.

tintom'eter *n.* (טינ-טאמ'-ע-טער) א טינטאמעטער, אן אינסטרומענט צו בעשטימען די שאטירונגען פון פארבען לויט א געוויסען פארבען=מאסשטאב.

tint'-tool *n.* (טינט'-טוהל) אן אינסטרומענט אויסצוקריצען אויף א גראוויר=שטיין סעריעס פון גראדע און פאראלעלע ליניען, וועלכע מאכען די שאטירונג אדער קאלאריט פון דער גראוויור.

tin'ty *a.* (טינ'-טי) מיט ניט הארמאנישע פארבען אדער שאטירונגען.

tin'type *n.* (טינ'-טאיפ) ז. ***ferrotype***

tin'ware *n.* (טינ'-הוועהר) ווייס=בלעכענע אדער צינענע כלים.

tin'-works *n.* (טינ'-הוואירקס) א פאב=

ריק וואו עס ווערט פראדוצירט צין אדער צינענע כלים.

ti'ny *a.* (טאי'-ני) קליין, גאנץ קליין.

tip *n. and v.* (טיפ) א שפיציגער ענד פון עפעס, דער שפיץ; א קליין צוגעזעצטעם שטיקעל וואס דיענט אלס דער ענדשפיץ פון עפעס [ווי די סקאווקע פון א שטעקעל, דער ברענער וואס טהוט זיך אן אויף א גאז=רעהרעל, דער שטויב=בייטעל פון א בליהונג א. ד. ג.]; דער אויבערשטער טייל פון א היטעל; ביי בוכבינדער — אן אינסטרומענט צו בעגילדען רוקענס פון ביכער; א לייכטער קלאפ, א לייכטער שטויס; א ספעציעלער וואגאן פאר שטיין=קויהלען; אן ארט וואו מען ווארפט ארוים מיסט; א געהיימע מיטטיילונג צו איינעם וועגען א זאך, וואס קען איהם בריינגען א בעזונדערען נוצען [ווי דאס מיטטיילען איינעם וועגען דער זאך, איבער וועלכער ער האט זיך געוואטען מיט אן אנדערען, אום ער זאל געווינען דעם געוועט]; טרינק=געלד [קליין=געלד וואס ווערט געגעבען אלס מתנה צו אנגעשטעלטע אדער בעדיענטע]; מאכען דעם שפיץ פון עפעס; צוגעבען א שפיץ; לייכט אנקלאפען; אנבויגען עטוואס אן א זייט; איבערגעבען עפעס, אריינווארפען אין האנד [ווי א מטבע]; איבערגעבען א סעקרעט ווי אזוי צו טרעפען אדער צו געווינען [ווי אין א וועט, אין א שפעקולאציאן א. ד. ג.]; געבען טרינק=געלד; זיך אבבויגען אן א זייט.

tip'-car *n.* (טיפ'-קאר) אויף אן אייזענבאהן — א וואגאן ביי וועלכען דער קאסטען קען זיך אויפהויבען און ארונטערלאזען און ווערט בענוצט צו פיהרען מיסט, קויהלען א. ד. ג.

tip'-cart *n.* (טיפ'-קארט) א וואגען, ביי וועלכען דער קאסטען קען זיך אויפהויבען און ארונטערלאזען, און ווערט בענוצט צו פיהרען זאכען וואס מען דארף אויסשיטען, ווי זאמד, קויהלען, מיסט א. ד. ג.

tip'-cat *n.* (טיפ'-קעט) אזא קינדערשפיעל, וואו א קליין העלצעל, וואס איז פערשפיצט פון ביידע זייטען, ווערט אבגעקלאפט מיט א שטעקעל, און ווען עס שפרינגט אב פון דער ערד דורך דעם קלאפ, ווערט עס אבגעקלאפט א צווייטען מאל; דאס שטיקעל פערשפיצטע האלץ וואס ווערט געברויכט אין אזא שפיעל.

tip off liq'uor (טיפ אף ליק'-אר) אנבויגען דאס פלעשעל אזוי, אז די גאנצע משקה זאל זיך אויסגיסען.

tip o'ver (טיפ או'-ווער) איבערקעהרען עפעס; אנבויגען א זאך ביז זי קעהרט זיך איבער.

tip'per *n.* (טיפ'-ער) עפעס וואס דיענט איינצובויגען א זאך אויף א זייט; די פארריכטונג וואס דיענט אז א וואגען קויהלען זאל זיך איינבויגען אויף א זייט, כדי די קויהלען זאלען זיך אליין אויסשיטען; איינער וואס ארבייט ביים אויסשיטען קויהלען, זאמד א. ד. ג.; איינער וואס גיט איבער א סעקרעט, כדי דער אינפארמירטער זאל געווינען אין א וועט, אין שפעקולאציאן א. ד. ג.; דער וואס גיט טרינק=געלד פאר געוויסע דיענסטען; אין ענגלאנד — א געוויסער זארט ביער.

tip'pet *n.* (טיפ'-עט) א פעלערינע; א גרויסער לאנגער פעלץ=קראגען ווי א פעלערינע; א גלח'שער קאפוץ [אזא שאל, וואס ווערט געטראגען פון גייסטליכע]; אן אנוואקסונג פון פעדערען אין דער פארם פון א קראגען ביי געוויסע פויגעל.

tip'ping *n.* (טיפ'-אינג) דאס צוגעבען א שפיץ; דאס אנבויגען עפעס; דאס געבען טרינק=געלד; אין מוזיק ביים שפיעלען אויף א בלאז=אינסטרומענט — דאס לייכטע אנקלאפען מיט דער צונג, כדי די טענער זאלען קלינגען בעזונדער, ווי איבערגעריסען.

tip'ping-cart *n.* (טיפ'-אינג-קארט) ז. *tip-cart*.

tip'ple *n. and v.* (טיפל) א טרונק בראנפען; טרינקען אפט שנאפס, נאר ניט איבער דער מאס; כאפען אפט א טרונק בראנפען; פער'שכור'ען, שכור מאכען.

tip'pler *n.* (טיפ'-לער) איינער וואס נעהמט אפט א טרונק בראנפען.

tip'pling-house *n.* (טיפ'-לינג-האוס) א שענק.

tip'py *a.* (טיפ'-אי) בויגזאם; שאקעלדיג, אונזיכער; דעליקאט, פיין, פארזיכטיג [אין אומגאנג].

tip'sify *v.* (טיפ'-סי-פאי) בערוישען [דורך שכרות]; פער'שכור'ען.

tip'sily *adv.* (טיפ'-סי-לי) פער'שכור'טערהייד.

tip'siness *n.* (טיפ'-סי-נעס) דאס זיין בערוישט, פער'שכור'טקייט.

tip'-sled *n.* (טיפ'-סלעד) א שליטען, ביי וועלכען דער קאסטען קען זיך איינבויגען אויף א זייט אום אויסצושיטען דעם אינהאלט.

tip'staff *n.* (טיפ'-סטעף) אין ענגלאנד — דער אונטערגעארדנעטער פון א שעריף, א קאנסטאבעל, א פאליציייסקער; א געריכטס=בעדיענטער; א שטאק מיט א מעטאלענער גאלקע [אלס אמטס=צייכען פון א פארצייטיגען געריכטס=בעדיענטען אין ענגלאנד].

tip'ster *n.* (טיפ'-סטער) איינער וואס זוכט אוים און טיילט מיט סעקרעטען בנוגע צו א וועט=קאמפף, צו שפעקולאציאנען אויף דער בערזע א. ז. וו.

tip'-stretch'er *n.* (טיפ'-סטרעטש'-ער) א מאשין פאנאנדערצוציהען א הוט.

tip'sy *a.* (טיפ'-סי) בעטרונקען, פער'שכור'ט.

tip'sy-cake *n.* (טיפ'-סי-קייק) אזא טארט מיט מאנדלען און מיט וויין [ווערט געברויכט אלס דעסערט אדער צושפייז].

tip the scales (טיפ טהי סקיילז) 1. וועגען; האבען געוויכט; 2. אריבערציהען די וואגשאל, איבערוועגען.

1. He is very stout. He **tips the scales** at 300. 2. His self interest **tipped the scale** against his obligations.

tip the trav'eler (טיפ טהי טרעוו'-על-ער) אבנארען, בעשווינדלען, בעטריגען.

tip'toe *n., v. and adv.* (טיפ'-טאו) די שפיץ=פינגער פון די פיס; געהן אויף די שפיץ פינגער; אויף די שפיץ פינגער.

tip'top' *n., a and adv.* (טיפ'-טאפ') דער סאמע אויבען, דער סאמע שפיץ; דער העכסטער גראד, די העכסטע שטופע; דער העכסטער; פון דאס בעסטע; אויף דעם בעסטען אופן.

tipula'rian *n. and a.* (טיפ-יו-לעי'-רי-ען) אזא לאנג=פיסיגע פליעג אדער עהנליכער אינזעקט; וואס איז שייך צו די לאנג=פיסיגע פליעגען.

tip'ulary *a.* (טיפ'-יו-לע-רי) וואס איז שייך צו די לאנג=פיסיגע פליעגען.

tip up (טיפ אפ) איינבויגען אויף איין זייט, אויפהויבען איין ענד.

tip'-wag'on *n.* (טיפ'-הועג'-אן) א וואגאן אדער וואגען וואס ווערט אויסגעלעדיגט דורך איינבויגען איהם אויף א זייט.

tirade' *n.* (טי-רייד') א טיראדע, א לאנג=אויסגעצויגענער זאץ; א לאנגע דעקלאמאציע; א ווערטער=שטראם; א לאנגע היציגע רעדע; אין מוזיק — א דיאטאנישער טאן, וואס ווערט אריינגעשטעלט צווישען צוויי אבגעטיילטע טענער זיי צונויפצוגיסען.

tirailleur' *n.* (טי-רע-ליעיר') א שיסער אין דער פראנצויזישער ארמעע; א סאלדאט פון א קליינער מיליטער=אבטיילונג, וועלכע האט איהר אויפגאבע אנצוהאלטען קליינע ניט רעגולערע געפעכטען מיט'ן שונא.

tire *n. and v.* (טאיר) די אייזערנע אדער גומענע שינע [רייף] פון א ראד; א קאפ=בעפוצונג; אויספוצונג; פוין; מיעדקייט; מיעד ווערען, פערמאטערט ווערען; מיעד מאכען, פערמאטערען; בעפוצען; אויסשטאטען, אויספארטיגען; ארויפלעגען א שינע אויף א ראד.

tire'-ben'der *n.* (טאיר'-בענ'-דער) א מאשין צום בויגען שינעס פאר רעדער.

tire'-bolt *n.* (טאיר'-באולט) א שרויףשטיפט צוצושרויפען די שינע צום ראד.

tired *a.* (טאירד) 1. מיעד; 2. איבערדריסיג, דערעסען.

2. I am tired of it.

tired'ness *n.* (טאירד'-נעס) מיעדקייט, פערמאטערטקייט.

tire'-drill *n.* (טאיר'-דריל) א דריל אדער בויערער צום בויערען לעכער אין שינעס פון רעדער.

tire'less *a.* (טאיר'-לעס) וואס ווערט ניט מיעד, אונערמיעדליך; אהן שינעס.

tire'lessly *adv.* (טאיר'-לעס-לי) ניט ווערענדיג מיעד, ניט ווערענדיג פערמאטערט.

tire'lessness *n.* (טאיר'-לעס-נעס) דאס ניט ווערען מיעד אדער פערמאטערט.

tire'lire *n.* (טיער'-ליער) אזא ליימענעם קעסטעל צו קלייבען געלד [דאס געלד קען מען ארויסנעהמען נור ווען מען צוברעכט דאס קעסטעל].

tire'man *n.* (טאיר'-מען) א הענדלער מיט קליידער און פוץ=ארטיקלען.

tire'-meas'urer *n.* (טאיר'-מעזש'-יור-ער) אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם אומקרייז פון א ראד אדער ראד=שינע.

tire out (טאיר אוט) אויסמאטערען.

tire'-press *n.* (טאיר'-פרעס) א פרעס ארויפצודריקען שינעס אויף רעדער.

tire'-set'ter *n.* (טאיר'-סעט'-ער) א מאשין ארויפצוזעצען שינעס אויף רעדער.

tire'-shrin'ker *n.* (טאיר'-שרינ'-קער) א מאשין איינצוציהען שינעס, ווען זיי ווערען לויז אויף'ן ראד.

tire'smith *n.* (טאיר'-סמיטה) א שמיעד וואס מאכט שינעס פאר רעדער.

tire'some *a.* (טאיר'-סאם) אויסמאטערענד, ערמיעדענד; לאנגווייליג; איבערדריסיג.

tire'somely *adv.* (טאיר'-סאם-לי) אויף אן ערמיעדענדען אופן; לאנגווייליג, איבערדריסיג.

tire'someness *n.* (טאיר'-סאם-נעס) ערמיעדונג, אויסמאטערונג; לאנגווייליגקייט, איבערדריסיגקייט.

tir'ing *n.* (טאיר'-אינג) פוצונג, אנקליידונג.

tir'ing-room *n.* (טאיר'-אינג-רוהם) אן אנקליידונגס=צימער.

tirl *v. and n.* (טירל) ווירבלען, זיך דרעהען; זיך ענדערען ווי דער ווינד; מאכען א קלאפעריי אדער גערויש ווי מען טרייסעלט אדער דרעהט עטוואס;

דרעהען; אראבבייסען אדער אראבפליקען; א ווירבעל, א דרעהונג.

tirocin'ium *n.* (טאי-רא-סינ'-אי-אם) די ערשטע דיענסט פון א סאלדאט; די ערשטע ארבייטען פון איינעם וואס לערענט זיך אויס א מלאכה אדער קונסט.

T-i'ron *n.* (טי'-אי'-ערן) אייזען=שטאבען וואס האבען אין זייער קווער=שניט די פארם פון א **T**.

Tiro'nian notes (טאי-ראו'-ני-ען נאוטס) די טיראנישע צייכענס, די ערשטע סטענאגראפישע צייכענס, וואס זיינען געווען געברויכט ביי די פארצייטיגע רוימער [דיעזע סיסטעם פון צייכענס האט אויסגעארבייט דער פארצייטיגער געלעהרטער טירא, וועלכער איז א געוויסע צייט געווען א שקלאף ביי דעם רוימישען פילאזאף און אראטאר ציצערא].

tir'ra-lir'ra *n.* (טיר'-א-ליר'-א) דער טרעלען=געזאנג פון א לערכע [אזא זינג=פויגעל].

tir'rit *n.* (טיר'-איט) טעראר, שרעקען.

tir'wit *n.* (טויר'-הוויט) דער קיביץ [אזא פויגעל. ז. *lapwing*].

tir'y *a.* (טאיר'-אי) מיעד; וואס ווערט מיעד.

'tis (טיז) עס איז [אן אבקירצונג און צוזאמענציהונג פון די צוויי ווערטער *it is*].

tisane' *n.* (טי-זען') ז. *ptisan*.

Tish'ri *n.* (טיש'-רי) דער אידישער חדש תשרי.

tis'sue *n., a. and v.* (טיש'-אוה) געוועב, געוועבטער שטאף; צייג דורכגעוועבט מיט גאלד אדער זילבער; דאס ארגאנישע געוועב, דאס צעלען=געוועב פון לעבעדיגע קערפער אדער פון פלאנצען; געוועבט; געמאכט פון א געוועב; דורכוועבען; דורכוועבען מיט גאלדענע אדער זילבערנע פעדים; בעקליידען אדער בעדעקען מיט געוועבטען שטאף.

tis'sued *a.* (טיש'-אוהד) דורכגעוועבט מיט פערשיעדענע קאלירען; דורכגעוועבט מיט גאלד און זילבער=פעדים.

tis'sue-pa'per *n.* (טיש'-אוה-פיי'-פער) זייד=פאפיער, גאנץ דינעס פאפיער.

tit *n.* (טיט) א ציצקע, א נאפעל אדער ווארצעל פון א ברוסט; א קליין, מאגער פערדעל; א קינד; א מיידעלע; א יונגע פרוי; אזא קליין פויגעלע; א גלייכע אבענטפערונג [ז. *tit for tat*].

Ti'tan *n. and a.* (טאי'-טען) אין דער גריכישער מיטאלאגיע — א טיטאן, איינער פון די טיטאנען, די קינדער פון אוראנוס און געא [די טיטאנען זיינען געווען פארגעשטעלט אלס מורא'דיגע ריעזען, וועלכע האבען געפיהרט א קאמפף געגען דעם העכסטען גאט צעאוס. וועלענדיג ארויפגעהן אויף'ן הימעל, האבען זיי אנגעווארפען בערג אויף בערג. אבער צעאוס האט זיי גובר געווען און ארונטערגעשלייעדערט זיי אין טארטאר אדער גיהנום]; די זון אדער דער גאט פון דער זון ביי די אלטע גריכען; א ריעז, א געוואלטיגער גבור; ריעזיג, טיטאניש, געוואלטיג שטארק.

ti'tan *n.* (טאי'-טען) טיטאן אדער טיטאניום [ז. *titanium*]; טיטאניום=ערץ.

ti'tanate *n.* (טאי'-טען-אייט) טיטאן=זויער זאלץ [א פערבינדונג פון א זויערע מיט דעם מעטאל טיטאן וואס בילדעט א זאלץ].

Titanesque' *a.* (טאי-טע-נעסק') טיטאניש, ווי א טיטאן; ריעזיג. ז. *Titan*.

Ti'taness *n.* (טאי'-טען-עס) א טיטאנין, א ריעזין.

Tita'nia *n.* (טאי-טיי'-ני-א) אין די פראנצויזישע פאלקס=מעשיות — טיטאניא, די לעגענדארע עלפען=קעניגין; אזא מין אינזעקטען.

Tita'nian *a.* (טאי-טיי'-ני-ען) ז. *Titanic*.

tita'nian *a.* (טאי-טיי'-ני-ען) ז. *titanic*.

Titan'ic *a.* (טאי-טענ'-איק) טיטאניש, ווי א טיטאן; ריעזיג, גיגאנטיש, געוואלדיג שטארק אדער גרויס.

titan'ic *a.* (טאי-טענ'-איק) וואס איז שייך צו טיטאן אדער טיטאניום. ז. *titanium*.

Titan'ical *a.* (טאי-טענ'-אי-קעל) ז. *Titanic*.

titanif'erous *a.* (טאי-טע-ניפ'-ע-ראס) וואס ענטהאלט טיטאן אדער טיטאניום. ז. *titanium*.

ti'tanite *n.* (טאי'-טענ-איט) טיטאניט, טיטאן=ערץ, א מינעראל וואס ענטהאלט דעם מעטאל טיטאן.

tita'nium *n.* (טאי-טיי'-ני-אם) טיטאן אדער טיטאניום [איינער פון די כעמישע גרונד=עלעמענטען, וועלכע געהערט צו די מעטאלען].

Titanom'achy *n.* (טאי-טע-נאמ'-ע-קי) טיטאנאמאכיע, די מעשיות וועגען דעם קאמפף פון די טיטאנען געגען די געטער. ז. *Titan*.

tit'bit *n.* (טיט'-ביט) א געשמאקער ביסען.

tit for tat (טיט פאר טעט) א קלאפ פאר א קלאפ, א פאטש פאר א פאטש.

ti'thable *a.* (טאי'-טהעבל) פון וואס עס דארף אבגעצאהלט ווערען א צעהנטער טייל, פון וואס מען דארף געבען מעשר; וואס דארף צאהלען מעשר.

tithe *n. and v.* (טאיטה) א צעהנטער טייל, א צעהנטעל; אן אבצאהל וואס בעשטעהט פון א צעהנטעל; מעשר פאר דער קירך; ארויפלעגען אן אבצאהל פון א צעהנטען טייל, נעהמען מעשר; געבען מעשר.

tithe'-commis'sioner *n.* (טאיטה'-קא-מיש'-אנ-ער) א רעגיערונגס=בעאמטער אין ענגלאנד וואס בעשטימט די מעשר=אבצאהלונג.

tithe'-free *a.* (טאיטה'-פריע) פריי פון צעהנטעל=אבצאהל, פטור פון מעשר.

tithe'-gath'erer *n.* (טאיטה'-געטה'-ער-ער) א מעשר=זאמלער.

tithe'-ow'ner *n.* (טאיטה'-או'-נער) איינער צו וועמען עס געהערט די צעהנטעל=אבצאהל אדער מעשר פון א געוויסער געגענד.

tithe'-pay'er *n.* (טאיטה'-פיי'-ער) א מעשר=צאהלער.

ti'ther *n.* (טאי'-טהער) א מעשר=זאמלער; א מעשר=צאהלער.

tithe'-stea'ler *n.* (טאיטה'-סטיע'-לער) איינער וואס פער'גנב'עט ניט צו צאהלען קיין מעשר.

ti'thing *n.* (טאי'-טהינג) א גרופע פון צעהן הויז=בעזיצער, וועלכע האבען זיך אמאל אין ענגלאנד גערעכענט אלס געמיינדע אין בעצוג צו געוויסע פליכטען צו דער רעגיערונג און וועלכע האבען געהארפט ערב זיין איינער פאר דעם אנדערען פאר גוטער אויפפיהרונג; דאס זאמלען מעשר; עטוואס וואס ווערט גענומען אלס מעשר.

ti'thing-man *n.* (טאי'-טהינג-מען) א פארשטעהער פון א גרופע פון צעהן הויז=בעזיצער, וועלכע האבען זיך אמאל אין ענגלאנד גערעכענט אלס א געמיינדע אין בעצוג צו געוויסע פליכטען צו דער רעגיערונג און וועלכע האבען געדארפט ערב זיין איינער פאר דעם אנדערען פאר גוטער אויפפיהרונג; א דעסיאטניק, אן אונטער=קאנסטאבל [אזא געוועהלטער אדער אנגעשטעלטער פאליציסט אמאל אין ענגלאנד].

tithon'ic *a.* (טי-טהאנ'-איק) וואס איז שייך צו כעמיש=ווירקענדע ליכט=שטראהלען.

tithonic'ity *n.* (טיטה-א-ניס'-אי-טי) די כעמישע ווירקונג פון ליכט=שטראהלען.

tithonom'eter *n.* (טיטה-א-נאמ'-ע-טער) א טיטאהנאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די כעמישע ווירקונג פון ליכט.

Titianesque' *a.* (טיש-יע-נעסק') וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די קונסט=ווערק פון ווענעציאנישען מאלער טיציאן [געב. 1477, געשט. 1576].

tit'illant *n.* (טיט'-אי-לענט) א קיצלער.

tit'illate *v.* (טיט'-אי-לייט) קיצלען.

titilla'tion *n.* (טיט-אי-ליי'-שאן) דאס קיצלען, קיצלונג.

tit'illative *a.* (טיט'-אי-ליי-טיוו) קיצלענד.

tit'ivate *v.* (טיט'-אי-ווייט) אויספוצען; זיך אויספוצען, זיך צורעכט מאכען.

tit'lark *n.* (טיט'-לארק) די וויעזען=לערכע [א קליין פויגעלע עהנליך צו א לערכע].

ti'tle *n. and v.* (טאיטל) א טיטול; די אויפשריפט אדער דער נאמען פון א בוך, פון א קאפיטעל א. ד. ג.; דאס טיטול=בלאט [דאס בלאט פון א בוך, אויף וועלכען עס איז געדרוקט דער נאמען פון בוך]; דער נאמען פון א בוך וואס ווערט פון איינבינדער אבגעשטעמפעלט אויף'ן רוקען; די איבערשריפט פון א דאקומענט; אן אבטיילונג אדער אבשניט פון א געזעץ=בוך; דער גראד פון פיינקייט אדער גוטקייט [בעזאנדערס די צאהל קאראט דורך וועלכער די גוטקייט פון גאלד ווערט אויסגעדריקט]; א רעכט, א רעכטס=אנשפרוך, א רעכטס=פרעטענזיע; א רעכטס=פריווילעגיע; א גע'ירש'ענטעס אדער ערווארבענעס רעכט; א קאנצעסיע; בעזיץ=רעכט, אייגענטומס=רעכט; א רעכטס=דאקומענט, א רעכטס=פאפיער; רופען מיט א טיטול; טיטולירען; בעטיטלען, געבען א טיטול אדער נאמען; אבשטעמפלען דעם נאמען פון א בוך אויף זיין רוקען; געבען א קאנצעסיאנס=רעכט, געבען א רעכטס=פריווילעגיע.

ti'tled *a.* (טאיטלד) וואס האט א טיטול; וואס האט א טיטול פון אן ארעליגען.

ti'tle-deed *n.* (טאי'טל-דיעד) א רעכטס=דאקומענט, א רעכטס=פאפיער [א דאקומענט וועגען בעזיץ=רעכטען]; א בעשטעטיגונג פון א רעכט אויף עטוואס.

ti'tle-leaf *n.* (טאי'טל-ליעף) ז. *title-page*.

ti'tleless *a.* (טאי'טל-לעס) אהן א טיטול, אהן א נאמען; אונבערעכטיגט.

ti'tle-let'ter *n.* (טאי'טל-לעט'-ער) טיטול=בוכשטאבען [די בוכשטאבען וועלכע ווערען בענוצט צום דרוקען דעם טיטול אדער נאמען פון א בוך].

ti'tle-page *n.* (טאי'טל-פיידזש) דאס טיטול=בלאט פון א בוך וואו עס איז גע-

דרוקט דער נאמען פון בוך, דער נאמען פון מחבר, פון ארויסגעבער א. ד. ג.; דאס שער-בלאט.

tit'ler *n.* (טיט'-לער) א גרויסער חוט צוקער.

ti'tle rôle (טאיטל ראול) די טיטול-ראלע [די ראלע אין א טעאטער-שטיק וואס טראגט דעם נאמען פון דעם שטיק, צ. ב. די ראלע פון האמלעט אין "האמלעט" אדער די ראלע פון נארא אין "נארא" א. ד. ג.].

ti'tle-sheet *n.* (טאי'טל-שיעט) דאס פאדער-בלאט פון א בוך, וואו עס איז גע-דרוקט דער נאמען פון בוך; דאס שער-בלאט.

ti'tle-type *n.* (טאי'טל-טאיפ) ז. *title-letter*.

ti'tling *n.* (טאי'-טלינג) דאס אויפ-שטעמפלען דעם נאמען פון א בוך אויפ'ן רוקען.

tit'ling *n.* (טיט'-לינג) א קליין פויגעלע; די וויעזען-לערכע [ז. *titlark*].

tit'mouse *n.* (טיט'-מאוס) די מייזע אדער סיניצע [א קליינער זינג-פויגעל מיט זעהר א קורצען שנאבעל און מיט א לאנגען עק].

Titmouse

tit'rate *v.* (טיט'-רייט) טיטרירען, בע-שטימען די מאס אדער די ווירקונגס-קראפט פון א שטאף אין א כעמישער פער-בינדונג דורך דעם, וואס עס ווערט צו דיעזער פערבינדונג צוגעגעבען א בעשטימ-טע כעמישע פליסיגקייט פון א געוויסער מאס, אום צו זעהן וועלכע ענדערונגען עס קומען פאר אין דעם שטאף וואס דארף בע-שטימט ווערען.

titra'tion *n.* (טי-טריי'-שאן) דאס טיטי-רירען. ז. *titrate*.

tit'ter *v. and n.* (טיט'-ער) זיך וויעגען, זיך הוידען; כיכיקען, לאכען מיט אן איינגעהאלטענער שטימע; אן איינגעהאל-טענער געלעכטער, א כיכיקעריי; דאס כי-כיקען; אזא גראז.

tit'terer *n.* (טיט'-ער-ער) א לאכער, א לאכערקע, איינער אדער איינע וואס כיכי-קעט.

tit'ter-tot'ter *v. and adv.* (טיט'-ער-טאט'-ער) זיך וויעגען, זיך הוידען; זיך וויעגענדיג, זיך הוידענדיג.

tit'tivate *v.* (טיט'-אי-וויים) ז. *titivate*.

tit'tle *n.* (טיטל) א קליינינקייט, א נאר-נישט; א שטריך איבער א ווארט אדער א פונקט אויף א בוכשטאב.

tit'tlebat *n.* (טיט'ל-בעט) ז. *stickleback*.

tit'tle-tat'tle *v., n. and a.* (טיט'ל-טעט'ל) פלוידערען; פוסטע דבורים, פלוי-דעריי; א פלוידערזאק; פלוידערענד.

tit'tle-tat'tling *n.* (טיט'ל-טעט'-לינג) דאס פלוידערען; פוסטע דבורים.

tit'tup *v. and n.* (טיט'-אפ) טאנצען, שפרינגען, לויפען גאלאפ; א טאנצעריי, א שפרינגעריי, א גאלאפ.

tit'tuppy *a.* (טיט'-אפ-אי) פרעהליך, לעבעדיג, לוסטיג, שפרינגענד, טאנצענד; שאקעלדיג; קיצעלדיג.

tit'ty *n.* (טיט'-אי) א ציצקע, א ברוסט.

tit'ubate *v.* (טיט'-יו-בייט) זיך וויעגען, זיך שאקלען.

tituba'tion *n.* (טיט-יו-ביי'-שאן) דאס וואנקען, דאס שאקלען זיך; דאס וויעגען זיך; אונרוהיגקייט, דאס ניט קענען איינ-זיצען אדער איינשטעהן אויף איין ארט [אלס קראנקהייט].

tit'ular *a. and n.* (טיט'-יו-לאר) טיטו-לאר, וואס געהערט צו א טיטול; בעטי-טעלט; וואס איז בלויז אין טיטול, וואס האט בלויז דעם טיטול; נאמינעל, זאגע-נאנט; וואס טראגט דעם נאמען; וואס גיט דעם נאמען; איינער וואס האט א טי-טול; א בעאמטער, אן אמטס-בעזיצער; איינער וואס האט אנשפרוך אויף א רעכט אדער פריווילעגיע; איינער וועמענס נא-מען ווערט בענוצט אלס טיטול.

tit'ular bish'op (טיט'-יו-לאר ביש'-אפ) א טיטולאר-בישאף [א בישאף וואס טראגט דעם נאמען פון אן אמאליגען בי-שאפליכען זיץ אין די לענדער וואו די קריסטליכע קירך האט אויפגעהערט צו עק-זיסטירען אלס די הערשענדע, בעזאנדערס אין די מאכמעדאנישע לענדער].

tit'ular church (טיט'-יו-לאר טשוירטש) איינע פון די געמיינדע-קירכען אין רוים, וועמענס נעמען עס ווערען בע-נוצט אין די טיטלען פון קארדינאלען אדער בישאפען.

titular'ity *n.* (טיט-יו-לער'-אי-טי) א בלויזער טיטול; דאס זיין טיטולאר; דאס זיין בעטיטעלט.

tit'ularly *adv.* (טיט'-יו-לאר-לי) בלויז לויט דעם טיטול; אין בעצוג צו דעם טי-טול; נאמינעל, זאגענאנט.

tit'ular of'fice (טיט'-יו-לאר אפ'-איס) אן עהרען-אמט.

tit'ulary *a. and n.* (טיט'-יו-לע-רי) טיטולאר, וואס האט א טיטול, וואס גע-הערט צו א טיטול; וואס איז בלויז לויט דעם טיטול; א בעאמטער; אן אמטס-בע-זיצער; איינער וואס האט א טיטול; איי-נער וואס האט א רעכט אויף עפעס.

tit'up *v. and n.* (טיט'-אפ) ז. *tittup*.

tit'uppy *a.* (טיט'-אפ-אי) ז. *tittuppy*.

tit'-war'bler *n.* (טיט'-הוואהר'-בלער) אזא זינג-פויגעל. ז. *titmouse*.

tiv'er *n.* (טיוו'-ער) אזא זארט רויטע קרייד וואס ווערט בענוצט אין געוויסע טיילען פון ענגלאנד צו מאכען צייכענס אויף שעפסען.

tiv'y *adv.* (טיוו'-אי) גיך, געשווינד, לע-בעדיג [א יעגערשער אויסדרוק].

tiz'zy *n.* (טיז'-אי) א סיקספענס. ז. *sixpence*.

T-joint *n.* (טי'-דזשאינט) א פערבינ-דונג פון צוויי שטיקער אין דער פארם פון א **T**.

tme'ma *n.* (טמי'-מא) אן אבטיילונג, אן אבשניט.

tme'sis *n.* (טמי'-סיס) אין גראמא-טיק—א טמעזיס, א צוטיילונג פון א צוזא-מענגעזעצטען ווארט אין צוויי טיילען צווי-שען וועלכע עס ווערט אריינגעשטעלט איינס אדער מעהרערע ווערטער. צ. ב. אין דעם "Of whom **be** thou **ware** also" זאץ אנשטאט "Of whom **beware** thou also".

to *prep. and adv.* (טו) צו; אויף; נאך, קיין; ביז, ביז צו, ביז נעגען, ביז אויף; נעגען; אום צו; פערהעלטנים צו; אין פערגלייך; לויט, נאך; פאר; היז.

toad *n.* (טאוד) א זשאבע, א פראש; אן עקעלהאפטע פערזאן אדער זאך.

Toad

toad'back *n.* (טאוד'-בעק) א געוויסער זארט קארטאפעל.

toad'-ea'ter *n.* (טאוד'-איע'-טער) א חונף, א שמייכלער, א טעלער-לעקער; א געמיינער יונג; א מענש, וועלכער שטעהט אויס יעדע ערנידערונג; א פרעש-עסער [א מענש וואס איז געדונגען פון א שאר-לאטאן א רופא צו שלינגען כלומר'שט גיפ-טיגע פרעש אום צו בעווייזען דעם המון ווי אזוי ער ראטעוועט א מענשען פון פערגיפטונג].

toad'-ea'ting *n. and a.* (טאוד'-איע'-טינג) שמייכלעריי, חניפה, דאס זיין אונ-טערלעקעריש; שמייכלעריש, אונטערלעקע-ריש.

toad'-fish *n.* (טאוד'-פיש) דער ים-טייוועל [אזא פיש וואס געפינט זיך ביי די ברעגען פון די אייראפעאישע און אמע-ריקאנישע ימים. ז. איל]; דער פראש-פיש.

Toad-fish

toad'-flax *n.* (טאוד'-פלעקס) ליין-קרויט [אזא אייראפעאישע און אמעריקאנישע פלאנצע מיט רויטע און אראנזשעווע בלי-הונגען].

toa'dish *a.* (טאו'-דיש) ווי א זשאבע, פראש-ארטיג, ווי א פראש.

toad'let *n.* (טאוד'-לעט) א פרעשעל.

toad'ling *n.* (טאוד'-לינג) ז. *toadlet*.

toad'stone *n.* (טאוד'-סטאון) א שטיין עהנליך צו א פראש לויט דער פארם און קאליר און וועגען וועלכען מען האט גע-גלויבט אז ער בילדעט זיך אוים אין קער-פער פון א פראש [אזא שטיין פלעגט דיענען אלס א טאליסמאן אדער קמיע]; אין געאלאגיע — אן ארט וואולקאנישע פעלזען וואס געפינען זיך שיכטענווייז אין איינינע נידריגע טיילען פון דער ערד-קארע.

toad'stool *n.* (טאוד'-סטוהל) דער בלעטער-שוואם [א מין גיפטיג שוועמעל, וואס וואקסט געוועהנליך אויף פוילענדע פלאנצען].

toa'dy *n. and v.* (טאו'-די) א חונף, א שמייכלער, א טעלער-לעקער; א מענש וואס שטעהט אוים פיעל ערנידערונגען; א פראסטע פרוי; זיך אונטערלעקען, זיך אונטערשמייכלען.

toa'dyish *a.* (טאו'-די-איש) אונטער-לעקעריש, שמייכלעריש.

toa'dyism *n.* (טאו'-די-איזם) חניפה, שמייכלעריי, טעלער-לעקעריי; געמיינהייט.

to a hair (טו ע העהר) אויף א האר; זעהר פינקטליך.

to'-and-fro' *a. and n.* (טו'-ענד-פראו') וואס בעוועגט זיך הין און צוריק, הין און צוריק; א בעוועגונג הין און צוריק.

toast *n. and v.* (טאוסט) א פענעץ ברויט וואס ווערט צוגעברוינט אויף'ן פייער; א טאסט, אן אויסרוף צו טרינקען פאר איינעמס געזונד אדער צו טרינקען "לחיים" פאר א געוויסער זאך; דאס טרינקען לחיים פאר אימעצען אדער עפעס; מאכען אדער ווערען ברוין אויף'ן פייער; טרינקען א טאסט, טרינקען לחיים אדער האלטען א רעדע בעים טרינקען לחיים פאר אימעצען אדער עפעס.

toas'ter *n.* (טאוס'-טער) איינער וואס ברוינט אדער בראט עפעס אויף'ן פייער; דאס בראט-אייזען; איינער וואס טרינקט אדער האלט א רעדע בעים טרינקען פאר אימעצענס געזונדהייט.

toas'ting *n.* (טאוס'-טינג) דאס ברוינען אדער בראטען עפעס אויף'ן פייער; טרינקען א טאסט, האלטען א טאסט. ז. ***toast***.

toas'ting-fork *n.* (טאוס'-טינג-פאהרק) אזא לאנגער גאפעל צו ברוינען אדער בראטען שטיקלעך ברויט אויף'ן פייער; א שווערד [אין שפאס].

toas'ting-glass *n.* (טאוס'-טינג-גלעס) א גלאז אדער בעכער, פון וועלכען מען טרינקט פאר איינעמס געזונדהייט.

toas'ting-i'ron *n.* (טאוס'-טינג-אי'-ערן) ז. ***toasting-fork***.

toast'master *n.* (טאוסט'-מעס-טער) א טאסט-מייסטער, דער פארזיצענדער אויף א מאהלצייט אדער באנקעט, וועלכער רופט ארויס די רעדנער צו האלטען א טאסט.

toast'-rack *n.* (טאוסט'-רעק) א געשיר צו האלטען געברוינטעס אדער געבראטענעם ברויט אויף'ן טיש.

toast'-wa'ter *n.* (טאוסט'-וואה'-טער) ברויט-וואסער [וואסער אין וועלכען געברוינטעס ברויט איז געווייקט געווארען אלס א געטראנק פאר קראנקע].

toat *n.* (טאוט) דאס הענטעל פון א הובעל.

to a T (טו ע טי) גענוי אויף א האר; פינקטליך.

tobaccana'lian *n.* (טא-בעק-ע-ניי'-ליען) א טאבאק-שלינגער, איינער וואס רויכערט פיעל.

tobac'co *n.* (טא-בעק'-או) טאבאק, די טאבאק-פלאנצע.

tobac'co-box *n.* (טא-בעק'-או-באקס) א טאבאק-פושקע, א טאבאקערקע.

tobac'co-cut'ter *n.* (טא-בעק'-או-קאט'-ער) א מאשין צו שניידען טאבאק; א מעסער צו שניידען טאבאק.

tobac'co-gra'ter *n.* (טא-בעק'-או-גריי'-טער) א מאשין צו רייבען טאבאק.

tobac'co-heart *n.* (טא-בעק'-או-הארט) א טאבאק-הארץ [א הארץ-קראנקהייט פון צופיעל ברויכען טאבאק].

tobac'co-man *n.* (טא-בעק'-או-מען) ז. ***tobacconist***.

tobac'conist *n.* (טא-בעק'-א-ניסט) א טאבאק-הענדלער, א טאבאק-פאבריקאנט.

tobac'conize *v.* (טא-בעק'-א-נאיז) אנזאפען אדער אנזעטיגען מיט טאבאק-זאפט.

tobac'co-pipe *n.* (טא-בעק'-או-פאיפ) א טאבאק-פיפקע, א פיפקע צום רויכערען, א ליולקע; א ציבעק.

tobac'co-pouch *n.* (טא-בעק'-או-פאוטש) א טאבאק-בייטעל.

tobac'co-press *n.* (טא-בעק'-או-פרעס) א מאשין צוזאמענצודריקען טאבאק-בלעטער אדער געריבענעם טאבאק אין צוזאמענגעפרעסטע פעק אדער פעקלעך.

tobac'co seed (טא-בעק'-או סיעד) טאבאק-זאמען, טאבאק-זאט.

tobac'co-stick *n.* (טא-בעק'-או-סטיק) א שטעקען אדער שטאנג, אויף וועלכען מען הענגט אויף טאבאק-בלעטער צום טריקענען.

tobac'co-stop'per *n.* (טא-בעק'-או-סטאפ'-ער) א פיפקע-שטאפער [א שטאפער אראבצודריקען דעם האלב-פערברענטען טאבאק אין א ליולקע אום עס זאל זיך בעסער רויכערען].

tobac'co-strip'per *n.* (טא-בעק'-או-סטריפ'-ער) א פערזאן וואס איז בעשעפטיגט מיט ארויסרייסען די מיטעלסטע אדערען אדער קארענעס פון טאבאק-בלעטער.

tobac'co-worm *n.* (טא-בעק'-או-הווארם) די לארווע פון א געוויסען זומער-פויגעלע, וואס ערנעהרט זיך פון וואקסענדע טאבאק-בלעטער און מאכט אין זיי אן אפט פיעל שאדען.



Tobacco-worm

to be had (טו בי העד) צו קריגען, צו בעקומען.

Liquor is not **to be had** in this town.

to'bine *n.* (טאו'-בין) טאבין [א זארט זיידענע-צייג פאר פרויען-קליידער].

tobog'gan *n. and v.* (טא-באג'-ען) א טאבאגאן [א לייכטער שליטען, וואס בעשטעהט פון א גלאטען ברייטען ברעט מיט אן ארויפגעבויגענעם ענד. ווערט בענוצט פון ספארטלייט אין קאנאדע און אין איינינע טיילען פון די פעראייניגטע שטאאטען אראבצוגליטשען זיך איבער'ן שנעע אדער אייז פון די הויכען בערג]; גליטשען זיך אויף א טאבאגאן.

tobog'gan-cap *n.* (טא-באג'-ען-קעפ) א וואלענעם היטעל וואס איז אויסגעשטריקט ווי א זעקעל מיט אן אראנגעהאנגענעם שפיץ ווען מען טראגט עס אויף'ן קאפ.

tobog'ganer *n.* (טא-באג'-ען-ער) איינער וואס גליטשט זיך אויף א טאבאגאן. ז. ***toboggan***.

tobog'ganing *n.* (טא-באג'-ען-אינג) דאס גליטשען זיך בארג-אראב אויף א טאבאגאן. ז. ***toboggan***.

tobog'gan-slide *n.* (טא-באג'-ען-סלאיד) דער גליטש אראב א בארג, איבער וועלכען מען גליטשט זיך מיט א טאבאגאן. ז. ***toboggan***.

tobog'gin *n.* (טא-באג'-אין) א טאבאגאן. ז. ***toboggan***.

to'by *n.* (טאו'-בי) אן אלטפרענקישער לייטענער קריגעל, וואס איז געמאכט אין דער פארם פון א דיקען אלטען מאן וואס זיצט אויף א שטוהל און טרינקט ביער.

tocca'ta *n.* (טאק-קא'-טא) — אין מוזיק — א טאקאטא, א פארשפיעל, א פרעליודע.

toccatel'la *n.* (טאק-ע-טעל'-א) — אין מוזיק — אן איינפאכע טאקאטא. ז. ***toccata***.

toccati'na *n.* (טאק-ע-טי'-נא) ז. ***toccatella***.

tock *n.* (טאק) א מין הארן-פויגעל. ז. ***hornbill***.

tock'ay *n.* (טאק'-איי) א מין אסט-אינדישע יאשטשערקע.

to'co *n.* (טאו'-קאו) דער טוקאן [ז. ***toucan***]; שטראף, בעשטראפונג.

tocol'ogy *n.* (טא-קאל'-א-דזשי) טאקאלאגיע, די לעהרע וועגען געבורטס-הילף, אקושערסטווע.

to-come' *n.* (טו-קאם') די צוקונפט.

tocque *n.* (טאק) ז. ***toque***.

toc'sin *n.* (טאק'-סין) א ליארם-גלאק, א שטורם-גלאק [א גלאק, מיט וועלכען מען קלינגט טרעוואגע]; די טרעוואגע וואס מען קלינגט מיט א גלאק.

tod *n.* (טאד) א טאד, אן אלטפרענקישעס געוויכט פון 28 פונט [ספעציעל צו וועגען וואל]; א קוסט, א קוסטארניק; א טרונק בראנפען.

to-day' *adv. and n.* (טו-דיי') היינט; דער איצטיגער טאג, די איצטיגע צייט.

today' *adv. and n.* (טו-דיי') ז. ***to-day***.

tod'dle *v. and n.* (טאדל) געהן שאקלענדיג זיך, געהן מיט אונזיכערע טריט [ווי א קליין קינד]; דאס געהן שאקלענדיג זיך; א וואקעלדיגער גאנג.

tod'dler *n.* (טאד'-לער) איינער וואס געהט מיט שוואכע, אונזיכערע טריט [ווי א קליין קינד].

tod'dy *n.* (טאד'-אי) געצוקערטער שפיריטוס מיט וואסער; אן אלקאהאלישער געטראנק; דער זאפט פון געוויסע פאלמען; אן אלקאהאלישער געטראנק פון דיעזען זאפט.

tod'dyman *n.* (טאד'-אי-מען) איינער וואס צאפט אן דעם זאפט פון געוויסע פאלמען און מאכט דערפון אן אלקאהאלישען געטראנק.

to-do' *n.* (טו-דוה') א ליארם וועגען קלייניגקייטען; א טומעל וועגען זאכען וואס זיינען גארנישט ווערטה.

to'dy *n.* (טאו'-די) דער פלאט-שנאבעל [א קליינער וועסט-אינדישער פויגעל מיט א לאנגען און פלאטשיגען שנאבעל].

toe *n. and v.* (טאו) די פוס-פינגער; די פאדערשטע קאפיטע ביי טהיערע; דער שפיץ פון א זאק, פון א שוך, וואס בעדעקט די פינגער; דאס פאדערשטע שטיקעל אייזען, וואס שטארצט ארויס פון א פערד'ס פאדקאווע; דערגרייכען עפעס אדער אנריהרען מיט די פינגער פון די פיס; צומאכען אן ענד וואס זאל בעדעקען די פינגער [ווי אין א זאק]; זיך בעוועגען אדער זיך שטעלען אויף די פינגער [ווי ביים טאנצען].

toe a nail (טאו ע נייל) אריינשלאגען א נאגעל שרעג.

toe a seam (טאו ע סיעם) שטעלען אויף'ן דעק פון שיף מיט די פינגער צווישען די שפאלטען פון די ברעטער [אן ארט בעשטראפונג פון מאטראזען].

toe'-cap *n.* (טאו'-קעפ) א בלעטעל פון לעדער אדער מעטאל וואס בעדעקט דעם שפיץ פון א שוך.

toed *a.* (טאָוד) מיט פינגער אויף די פיס; וואָס האַלט זיך דורך שרעג אַריינגעשלאָגענע נעגעל [וועגען אַ באַלקען אָדער ברעט וואָס איז צוגעשטעלט צו אַן אַנדער באַלקען אָדער ברעט].

toe'-drop *n.* (טאָו'-דראָפּ) די אונפעהיגקייט אויפצוהויבען דעם פוס אָדער די פינגער [ווי פון אַ פּאַראַליז].

toe in (טאָו אין) געהן מיט די פינגער געבויגען נאָך אינוועניג.

toe'less *a.* (טאָו'-לעס) אָהן פוס=פינגער.

toe'-nail *n.* (טאָו'-נייל) אַ נאָגעל פון אַ פוס=פינגער; אַ נאָגעל אָדער טשוואָק וואָס ווערט אַריינגעשלאָגען שרעג.

toe out (טאָו אוט) געהן מיט די פינגער געבויגען אַרויס=צו.

toe'-piece *n.* (טאָו'-פּיעס) ז. *toe-cap*

toe'-ring *n.* (טאָו'-רינג) אַ רינג וואָס ווערט געטראָגען אויף דעם פינגער פון פוס [ווי ביי געוויסע פעלקער, וואו מען געהט באָרוועס אָדער מען טראָגט סאַנדאַלען].

toe the mark (טאָו טהי מאַרק) 1. שטעהן אַנריהרענדיג מיט די פינגער די ליניע, וואָס איז אַנגעצייכענט פאַר אַ געוויסען ציעל [ווי אַ מאַן וואָס שטעהט האַרט נעבען דעם אָרט פון וואַנען ער דאַרף אַ שפּרונג טהאָן]; 2. טהאָן עפּעס אָדער ערפילען עפּעס אונטער אַלע אומשטענדען.

2. The teacher is a strong disciplinarian. He makes his pupils **toe the mark.**

toe the scratch (טאָו טהי סקרעטש) זיין גרייט אַרויסצוטרעטען געגען דעם אָפּאָנענט אָדער געגנער.

to'fall *n.* (טוה'-פאָהל) דער אונטערגאַנג; דער סוף; אַ נעבען=געביידע, אַ צובוי.

toft *n.* (טאָהפט) אַן אָרט בעפלאַנצט מיט בוימער; אַ הויז מיט דעם אַרומיגען גרונט און נעבען=געביידען; אַן אָרט וואו פריהער איז געשטאַנען אַ הויז.

toft'stead *n.* (טאָהפט'-סטעד) אַ הויז מיט'ן אַרומיגען גרונט און מיט די נעבען=געביידען.

tog *v. and n.* (טאָג) זיך אַנקליידען, זיך אַנטהאָן; אַ קלייד, אַ מלבוש.

to'ga *n.* (טאָו'-גאַ) די טאָגאַ, אַזאַ אויבער=מאַנטעל ביי די פאַרצייטיגע רוימער.

Toga

to'gaed *a.* (טאָו'-גאַד) אַנגעקליידעט מיט אַ טאָגאַ. ז. *toga*

to'gated *a.* (טאָו'-גיי טעד) אַנגעקליידעט מיט אַ טאָגאַ [ז. *toga*]; מאַיעסטעטיש, שטאָלץ.

to'ged *a.* (טאָו'-געד) ז. *togated*

togeth'er *adv.* (טו-געטה'-ער) צוזאַמען, אינאיינעם; אין דעם זעלבען פּלאַץ; אין דערזעלבער צייט; נאָכאַנאַנד, כסדר.

tog'gery *n.* (טאָג'-ער-אי) קליידער, קליידונג.

tog'gle *n. and v.* (טאָגל) אַ קנעבעל, אַ שטיפט אָדער שטענגעל וואָס ווערט דורכגעשטעקט דורך דעם שלייף אָדער קנופּ פון אַ שטריק, אַז ער זאָל זיך האַלטען אין זיין אָרט; אַ שטיפט וואָס ווערט דורכגעשטעקט דורך די שלייפען פון צוויי שטריק, כדי זיי צו האַלטען צוזאַמען; אַ שטיפט אָדער שטענגעל וואָס ווערט אַנגעבונדען אין מיטען צו אַ שטריק אָדער קייט אום אַנצוהענגען אויף איהם אַן אַנדער שטריק אָדער קייט [דורך דעם וואָס מען נעהמט דורך דעם שטיפט דורך דעם שלייף פון שטריק אָדער דורך אַ רינג פון דער קייט]; אַ קניע=געלענק [ז. *toggle-joint*]; אַזאַ האַרפּון צו פאַנגען וואַלפיש [ז. *toggle-iron*]; בעפעסטיגען אָדער בעזאָרגען מיט אַ קנעבעל; האַלטען פעסט; דורכשטעכען מיט אַ האַרפּון.

tog'gle-chain *n.* (טאָג'ל-טשיין) אַזאַ קורצע קייט מיט צוויי גרעסערע רינגען ביי די ענדען. צו דיעזער קייט איז צו איין ענד בעפעסטיגט אַזאַ האַקען [קרוטשאַק] אויף אַ קייטעל.

tog'gle-i'ron *n.* (טאָג'ל-אַי'-ערן) אַזאַ האַרפּון צו פאַנגען וואַלפיש, וואָס האָט אַ בעוועגליכען קלינג, וועלכער איז דורכגעשטעקט דורך אַ לאָך פון דעם האַרפּון ניט ווייט פון זיין שפּיץ [דיעזער בעוועגליכער קלינג, ווען ער געהט אַריין אין דעם קערפּער פון וואַלפיש קען אַוועקגעשטעלט ווערען פאַר קווער].

Toggle-iron

tog'gle-joint *n.* (טאָג'ל-דזשאַינט) אַ קניע=געלענק [אַ געלענק אין דער פאָרם פון אַ קניע וואָס ווערט געמאַכט פון צוויי פּלאַטען אָדער שטאַבעס וועלכע ווערען פעראייניגט דורך אַ ניעט, זאַוויעסע אָדער שאַרניער].

Toggle-joint

tog'gle-press *n.* (טאָג'ל-פּרעס) אַ פּרעס וואָס דער דרוק ווערט אויסגעפיהרט דורך אַ קניע-געלענק [ז. *toggle-joint*], וועלכער איז פערבונדען מיט אַ שרויף.


Toggle-press

to'hu bo'hu (טאָו'-הוה באָו'-הוה) תהו=ובהו, אַ כאַאָס, אַ צומישונג.

toil *v. and n.* (טאָיל) אַרבייטען שווער, פּראַצעווען, האָרעווען; געהן לאַנגזאַם פאַרוואָרטס דורך מיה און מאַטערניש; שווערע אַרבייט, האָרעוואַניע, פּראַצע; אַן אַרבייט וואָס איז פערפערטיגט געוואָרען דורך שווערער האָרעוואַניע; אַ נעץ.

toi'ler *n.* (טאַי'-לער) אַן אַרבייטער, אַ האָרעפּאַשניק, איינער וואָס אַרבייט שווער.

toi'let *n.* (טאַי'-לעט) דאָס קליידען זיך; די טואַלעטע, די אָרט פון איינעמס קליידען זיך; אַן אַנצוג; אַ טואַלעט=טיש; אין כירורגיע — דאָס אויסרייניגען אַן אָרגאַן נאָך אַן אָפּעראַציע; אַן אָבטרעט, אַ בית=הכסא, אַ וואַטער=קלאָזעט.

toi'let-cap *n.* (טאַי'-לעט-קעפּ) אַ היטעלע וואָס מען טראָגט ביים מאַכען די טואַלעטע [ביים אַנקליידען זיך].

toi'let-cloth *n.* (טאַי'-לעט-קלאָהטה) אַ דעקע פאַר דעם טואַלעט=טיש.

toi'let-cov'er *n.* (טאַי'-לעט-קאַוו'-ער) ז. *toilet-cloth*

toi'let-cup *n.* (טאַי'-לעט קאַפּ) אַ טאַס אָדער שיסעל וואָס ווערט בענוצט ביי מאַכען די טואַלעטע.

toi'let-glass *n.* (טאַי'-לעט-גלעס) אַ שפּיגעל אויף דעם טואַלעט=טיש.

toi'let-pa'per *n.* (טאַי'-לעט-פּיי'-פּער) פּאַפּיער וואָס ווערט בענוצט אין אָבטרעט אָדער בית=הכסא.

toi'let-quilt *n.* (טאַי'-לעט-קהווילט) אַזאַ ליילעך וואָס דיענט צו בעדעקען דעם טואַלעט=טיש.

toi'let-room *n.* (טאַי'-לעט-רוהם) אַן אָבטרעט, אַ בית=הכסא, אַ וואַטער=קלאָזעט.

toi'let-ser'vice *n.* (טאַי'-לעט סויר'-ווים) ז. *toilet-set*

toi'let-set *n.* (טאַי'-לעט-סעט) די כלים אָדער געשיר וואָס ווערען געברויכט אין אַ טואַלעט=צימער.

toi'let-soap *n.* (טאַי'-לעט-סאָופּ) טואַלעט=זייף, אַ גוטער זאָרט זייף צום וואַשען זיך.

toi'let-ta'ble *n.* (טאַי'-לעט-טיי'בל) אַ טואַלעט=טיש.

toilette' *n.* (טאַי-לעט') ז. *toilet*

toil'ful *a.* (טאַיל'-פול) אַרבייטזאַם, מיהזאַם.

toil'fully *adv.* (טאַיל'-פול-אי) אויף אַן אַרבייטזאַמען, מיהזאַמען שטייגער.

toilinet' *n.* (טאַי-לי-נעט') ז. *toilinette*

toilinette' *n.* (טאַי-לי-נעט') אַן אָרט האַלב וואָלענעס און האַלב באַוועלנעס אָדער זיידענעס צייג.

toil'less *a.* (טאַיל'-לעס) מיהלאָז, אָהן מיה, אָהן האָרעוואַניע.

toil'some *a.* (טאַיל'-סאַם) מיהזאַם, שווער; וואָס פאָדערט שווערע אַרבייט.

toil'somely *adv.* (טאַיל'-סאַם-לי) אויף אַן אַרבייטזאַמען, מיהזאַמען שטייגער.

toil'someness *n.* (טאַיל'-סאַם-נעס) מיהזאַמקייט, שווערקייט, אַרבייטזאַמקייט.

toil'-worn *a.* (טאַיל'-הוואָורן) אויסגעמאַטערט פון שווערער אַרבייט.

toise *n.* (טאַיז) אַ קלאַפטער אָדער אַ טאַיזע [אַ פראַנצויזישע לענג=מאָס פון אונגעפעהר 6½ ענגלישע פוס].

toi'son *n.* (טאַי'-זאַן) די וואָל פון אַ שעפּס.

to'ka *n.* (טאָו'-קאַ) די טאָקאַ, אַ מין געוועהר אין דער פאָרם פון אַן אויסגעבויגענער דובינע וואָס ווערט געברויכט ביי די איינוואָהנער פון די פידזשי-אינזלען.

Tokay' *n.* (טאָ-קיי') טאָקייער וויין; אַ זאָרט וויינטרויבען.

to'ken *n. and v.* (טאָוקן) אַ צייכען, אַ סמן; אַ צייגנים, אַ בעווייז; אַן אַנדייטונג אויף עפּעס, אַ סימבאָל; אַ סיגנאַל; אַן ערינערונגס=צייכען, אַ סואַווענירו; אַ מין געלד=מאַרקע אין דער פאָרם פון אַ מעטאַלענער מטבע, וואָס פּריוואַטע סוחרים לאָזען צייטענווייז אַרויס אָהן דער סאַנקציאָן פון דער רעגיערונג; אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אָדער בעצייכנונג פון עפּעס; אַ האַלבער ריעם פּאַפּיער; אַנדייטען, דיענען אַלס אַ סמן פון עפּעס.

to'kenless *a.* (טאָו'קנ-לעס) אָהן אַ צייכען, אָהן אַ סמן.

tokol'ogy *n.* (טאָ-קאָל'-אָ-דזשי) ז. *tocology*

tol'booth *n.* (טאָול'-בוהטה) אַ טורמע, אַן אָסטראָג, אַ געפענגניס, אַ תפיסה.

told (טאָולד) דערצעהלט, געזאָגט. ז. *tell*

tole *v.* (טאָול) צוציהען; פערנאַרען, פערפיהרען [דורך פאַלשע האָפנונגען].

Tole'do *n.* (טא-לי'-דאו) די שטאדט טאלעדא [אין שפאניען]; א שווערד געמאכט אין טאלעדא, א טאלעדא⸗שווערד [דער בעסטער זארט שווערדען].

tolerabil'ity *n.* (טאל-ע-רע-ביל'-אי-טי) ערטרעגליכקייט; דאס קענען געדולדעט ווערען; מיטעלמעסיגקייט; נישט⸗קשה'דיגקייט.

tol'erable *a.* (טאל'-ע-רעבל) וואס מען קען טאלערירען, וואס מען קען דולדען; דולדליך, ערטרעגליך; מיטעלמעסיג גוט, נישט⸗קשה'דיג; ניט ניי, ניט אריגינעל; וואס קען דורכגעהן, וואס קען דורכגעלאזען ווערען; צימליך געזונד.

tol'erableness *n.* (טאל'-ע-רעבל-נעס) ז. *tolerability*.

tol'erably *adv.* (טאל'-ע-רע-בלי) אויף אן ערטרעגליכען שטייגער; אויף אן אופן דאס מען קען עס דולדען.

tol'erance *n.* (טאל'-ע-רענס) טאלעראנץ, דולדונג; דאס קענען אויסהאלטען אדער אריבערטראגען; דאס טאלערירען, דאס דולדען; אין מעדיצין — דאס קענען ביישטעהן א פערגיפטונג.

tol'erant *a. and n.* (טאל'-ע-רענט) טאלעראנט, דולדזאם, וואס דולדעט; אין מעדיציו — פעהיג אויסצוהאלטען אדער אריבערצוטראגען [א פערגיפטונג, א פעסט]; איינער וואס איז טאלעראנט אדער דולדזאם.

tol'erantly *adv.* (טאל'-ע-רענט-לי) אויף א טאלעראנטען, דולדזאמען שטייגער.

tol'erate *v.* (טאל'-ע-רייט) טאלערירען, דולדען, פערטראגען.

tolera'tion *n.* (טאל-ע-ריי'-שאן) דולדונג, דולדזאמקייט; טאלעראנץ, דאס דולדען א גלויבען אדער מיינונג וואס שטימט ניט מיט דעם אייגענעם גלויבען אדער מיינונג; אין מעדיצין — דאס קענען אויסהאלטען א פערגיפטונג.

to let (טו לעט) לאזען, אבלאזען; פערדינגען.

toll *n. and v.* (טאול) א טאקסע אדער שטייער וואס ווערט געצאהלט פאר א געוויסער פריווילעגיע אדער ערלויבניש [ווי פאר פאהרען איבער א שאסע, פאר אריבערפאהרען א בריק, פאר דורכפיהרען שיפען דורך א קאנאל א. ד. ג.]; די סומע וואס ווערט געצאהלט דעם אייגענטימער פון א מארק אדער יאריד⸗פלאץ, פאר שטעלען דארטען א צייטווייליגעם ביידעל אדער קרעמעל צו פערקויפען סחורות; א בעשטימטע מאס תבואה וואס ווערט אבגענעבען דעם מילנער פאר ערלויבען צו מאהלען אויף זיין מיהל; דאס לאנגזאמע און רעגעלמעסיגע קלינגען פון א גלאק; צאהלען א בעשטימטען שטייער פאר א פריווילעגיע אדער ערלויבניש; ארויפלעגען א צאל אדער שטייער; צוציהען; ארייננארען, פערפיהרען; קלינגען אין א גלאק מיט לאנגזאמע רעגעלמעסיגע קלאנגען [ווי ביים צוזאמענרופען אין קירך צו א גאטעסדיענסט, ביי א קריסטליכע לויה א. ד. ג.]; אנקלינגען וועגען עפעס, ארויסרופען די אויפמערקזאמקייט צו עפעס דורך דעם קלאנג פון א גלאק; אין יוריספרודענץ — אוועקנעהמען אדער אנולירען דאס רעכט צו פערנעהמען אן אייגענטום.

toll'able *a.* (טאול'-עבל) צאל⸗פפליכטיג; פאר וואס עס דארף געצאהלט ווערען א טאקסע אדער שטייער.

toll'age *n.* (טאול'-עדזש) צאל, שטייער; די סומע וואס דארף אבגעצאהלט ווערען פאר א געוויסער פריווילעגיע אדער ערלויבניש.

toll'-bar *n.* (טאול'-באר) א שלאגבוים, א ראגאטקע [א לאנגער שטאנג אדער קלאץ, וואס ווערט אראבגעלאזען קווער איבער א וועג ניט דודרכצולאזען די רייזענדע איידער זיי צאהלען אב די נויטיגע טאקסע אדער שטייער].

toll'-book *n.* (טאול'-בוק) א בוך, וואו עס ווערען ארייגעשריבען די אריינגעבראכטע סחורות אויף א יאריד, פאר וועלכע מען דארף צאהלען א טאקסע אדער שטייער.

toll'booth *n. and v.* (טאול'-בוהטה) א געפענגניס, א טורמע; ארייגזעצען אין טורמע.

toll'-bridge *n.* (טאול'-ברידזש) א בריק, וואו מען דארף צאהלען א געוויסע טאקסע אדער שטייער פאר דורכגעהן אדער דורכפאהרען איהם.

toll'-collec'tor *n.* (טאול'-קא-לעק'-טאר) א שטייער⸗זאמלער, א בעאמטער וואס מאהנט אויף דעם שטייער פאר א געוויסער פריווילעגיע אדער רעכט; א פארריכטונג צו פערצייכנען די צאהל דורכגעהער אדער דורכפאהרער פערביי א קרייץ⸗דרעה [ז. *turnstile*].

toll'-corn *n.* (טאול'-קאהרן) די מאס תבואה וואס א מילנער בעקומט פאר מאהלען תבואה אין זיין מיהל.

toll'-dish *n.* (טאול'-דיש) א מעסטעל, מיט וועלכען דער מילנער מעסט דעם טייל תבואה וואס ער בעקומט פאר מאהלען איינעמס תבואה אין זיין מיהל.

toll'er *n.* (טאול'-ער) א שטייער⸗זאמלער, א בעאמטער וואס מאהנט אויף שטייערען; אזא יאגד⸗הונד; איינער וואס קלינגט אין א גלאק.

toll'-free *a.* (טאול'-פריע) צאל⸗פריי; וואס דארף ניט צאהלען קיינע שטייערען.

toll'-gate *n.* (טאול'-גייט) א צאל⸗טויער [א ראגאטקע ביי וועלכער עס ווערט אבגעצאהלט די טאקסע אדער שטייער פאר דורכפאהרען אדער דורכפיהרען עפעס].

toll'-gath'erer *n.* (טאול'-געטה'-ער-ער) ז. *toll-collector*.

toll'house *n.* (טאול'-האוס) א צאל⸗הויז, דאס הויז נעבען א ראגאטקע וואו מען צאהלט אב שטייערען.

toll'ing *n.* (טאול'-אינג) דאס קלינגען אין א גלאק; די לאנגזאמע און מאנאטאנע קלינגעריי פון א גלאק [ווי פון א קירכען⸗גלאק]; אן ארט פון צוציהען אדער ארייננארען דאס רויב [ווי ביי א פויגעל⸗יאגד אדער ביים פאנגען פיש].

toll'-man *n.* (טאול'-מען) א מענש וואס איז אנגעשטעלט ביי א שלאגבוים אדער ראגאטקע; א צאל⸗איינגעהמער.

tol-lol' *a.* (טאל-לאל') צימליך גוט; נישט⸗קשה'דיג.

tol-lol'ish *a.* (טאל-לאל'-איש) ערטרעגליך; נישט⸗קשה'דיג.

to'lo *n.* (טאו'-לאו) ז. *koodoo*.

Tol'tec *n.* (טאל'-טעק) א טאלטעק, איינער פון די טאלטעקען [א פאלק, וואס האט — לויט דער טראדיציאן — געהערשט אמאל אין מעקסיקא און איז שפעטער בעזיעגט געווארען פון די אצטעקען].

tolu' *n.* (טא-ליו') [דער טאלו⸗באלזאם זאפט פון דעם אמעריקאנישען טאלו⸗בוים, וועלכער ווערט געברויכט אין מעדיצין און אין פארפיומען].

tolu'ic *a.* (טא-ליו'-איק) געמאכט פון טאלו⸗באלזאם; וואס איז שייך צו טאלו⸗באלזאם. ז. *tolu*.

tolu'-tree *n.* (טא-ליו'-טריע) דער טאלו⸗בוים אדער דער טאלו⸗באלזאם בוים [א זיד⸗אמעריקאנישער בוים, וועלכער גיט ארויס דעם טאלו⸗באלזאם]. ז. *tolu*.

tom *n.* (טאם) אן "ער", א זכר; א קאטער; אזא מאשין צו וואשען גאלד⸗ערץ.

tom'ahawk *n. and v.* (טאמ'-ע-האהק) א טאמאהאק [א קריעגס⸗האק ביי די אמעריקאנישע אינדיאנער]; שלאגען אדער טויטען מיט א טאמאהאק.



Tomahawks

tomal'ley *n.* (טא-מעל'-אי) קרעבס⸗ליעבער [אזא פעטער, ווייכער לעבער⸗ערהנליכער קערפער⸗טייל פון א קרעבס אדער ראק].

tomal'line *n.* (טא-מעל'-אין) ז. *tomalley*.

tomal'ly *n.* (טא-מעל'-אי) ז. *tomalley*.

toman' *n.* (טא-מאן') א טאמאן [אזא פערזישע מטבע אין ווערטה פון אן אמעריקאנישען דאלאר און 76 סענט].

toma'to *n.* (טא-מיי'-טאו) א טאמאטא, א פאמידאר, א פאטלאזשאן.

toma'to-plant *n.* (טא-מיי'-טאו-פלענט) די טאמאטען⸗פלאנצע [די פלאנצע, אויף וועלכער עס וואקסען פאמידארען אדער פאטלאזשאנעם].

Tomato-plant

toma'to-sauce *n.* (טא-מיי'-טאו-סאהס) טאמאטען⸗סאוס, טאמאטען⸗זופ.

toma'to-sphinx *n.* (טא-מיי'-טאו-ספינקס) דער טאמאטען⸗אינזעקט [אן אינזעקט, וועמענס לארווא אדער ווערימלעך ערנעהרען זיך פון די בלעטער פון דער טאמאטען⸗פלאנצע].

toma'to-worm *n.* (טא-מיי'-טאו-הוואירם) דער טאמאטען⸗ווארים [די לארווא פון דעם טאמאטען⸗אינזעקט]. ז. *tomato-sphinx*.

tomaun' *n.* (טא-מאהן') ז. *toman*.

tomb *n. and v.* (טוהם) א קבר; א קבר⸗געוועלב; א קברים⸗שטיבעל; א מאוזאלעאום, א קברים⸗דענקמאל; א קעמערעל אין א קאטוילישער קירך, וואו מען האלט די ביינער פון היילינע; דער טויט; בעגראבען, מקבר זיין.

tom'bac *n.* (טאמ'-בעק) טאמבאק [אזא מעטאל געמישט פון קופער און צינק].

tom'bak *n.* (טאמ'-בעק) ז. *tombac*.

tomb'-bat *n.* (טוהמ'-בעט) די קברים⸗פלעדערמויז [אזא פלעדערמויז וואס האלט זיך צווישען קברים].

tomb'-house *n.* (טוהמ'-האוס) א קברים⸗

שטיבעל, א מאוזאלעאום, א קברים=דענקמאל.

tomb'less *a.* (טוהמ'-לעס) אהן א קבר, ניט בעערדיגט.

tom'boc *n.* (טאמ'-באק) א מין שפיעז, וואס ווערט געברויכט פון די איינוואהנער פון אינזעל יאווא.

tom'bola *n.* (טאמ'-בא-לא) א מין לאטעריי=שפיעל.

tom'boy *n.* (טאמ'-באי) א ווילדעס, צולאזענעס מיידעל.

Tombs *n.* (טוהמז) די טומז [א געפענגניס אין ניו יארק].

tomb'stone *n.* (טוהמ'-סטאון) א מצבה.

tom'-cat *n.* (טאמ'-קעט) א קאטער.

tom'cod *n.* (טאמ'-קאד) אזא קליינער עסבארער פיש.

tome *n.* (טאום) א טאם, א באנד, א בעזונדערער טייל פון א בוך.

tome'let *n.* (טאומ'-לעט) א קליינער באנד, א בענדעל. ז. *tome*.

to'ment *n.* (טאו'-מענט) ז. *tomentum*.

tomen'tose *a.* (טא-מענ'-טאוס) פילציג, וואליג, קנויליג [וועגען די הערעלעך אויף פלאנצען אדער אינזעקטען]; פוכיג, וואליג [וועגען געוויסע טיילען פון מארך].

tomen'tous *a.* (טא-מענ'-טאס) ז. *tomentose*.

tomen'tum *n.* (טא-מענ'-טאם) פילציגקייט, קנויליגקייט, וואליגקייט [וועגען די הערעלעך פון פלאנצען און אינזעקטען אדער וועגען דעם אויסזעהן פון געוויסע טיילען פון מארך].

tom'fool' *n.* and *v.* (טאמ'-פוהל') א נאר; איינער וואס בעגעהט נארישקייטען; א מין פויגעל פון יאמאיקא [וועלכער זאגט אן רעגען מיט זיינע געשרייען. ז. *rain-bird*]; האנדלען נאריש, אבטהאן נארישקייטען.

tom'foo'lery *n.* (טאמ'-פוה'-לער-אי) נארישקייט; נארישע אדער לעכערליכע אויפפיהרונג; נארישקייטען, קלייניגקייטען.

to'mia *n.* (טאו'-מי-א) די ברעגען פון א פויגעל'ס שנאבעל. ז. *tomium*.

to'min *n.* (טאו'-מין) א יואוועליר=געוויכט פון 12 גראן.

to'mium *n.* (טאו'-מי-אם) דער ברעג פון א פויגעל'ס שנאבעל.

tom'john *n.* (טאמ'-דזשאן) ז. *tonjon*.

tom'my *n.* and *v.* (טאמ'-אי) ברויט; פראוויזיע, שפייזען; א קראם, פון וועלכער ארבייטער קריגען פאר זייער ארבייט פראדוקטען אנשטאט געלד; דאס צאהלען ארבייטער ניט מיט געלד, נאר מיט פערשיעדענע פראדוקטען; א קאטער; אזא שרויף=געצייג; צווינגען ארבייטער צו נעהמען פאר זייער ארבייט פראוויזיע אנשטאט געלד; בעשווינדלען ארבייטער דורך דעם וואס מען צווינגט זיי צו נעהמען פאר זייער ארבייט פראוויזיע אנשטאט געלד.

tom'my-nod'dy *n.* (טאמ'-אי-נאד'-אי) ז. *tom-noddy*.

tom'my-shop *n.* (טאמ'-אי-שאפ) א קראם, וואו ארבייטער קריגען פאר זייער ארבייט פערשיעדענע פראדוקטען אנשטאט געלד.

tom'-nod'dy *n.* (טאמ'-נאד'-אי) א נאר, א דומקאפ; דער פאפוגאי=טויכער אדער דער ים=פאפוגאי [ז. *puffin*].

to-mor'row *adv.* and *n.* (טו-מאר'-או) מארגען; דער מארגען.

tomor'row *adv.* and *n.* (טו-מאר'-או) ז. *to-morrow*.

tom'pion *n.* (טאמ'-פי-אן) א שטאפקע, א שטאפקע פון א קאנאנע.

Tom'-pi'per *n.* (טאמ'-פאי'-פער) א פייפער. ז. *piper*.

tom'tit' *n.* (טאמ'-טיט') א קליין פויגעלע; אן אמייזע, א סיניצע [אזא פויגעלע. ז. *titmouse*].

tom'-tom *n.* and *v.* (טאמ'-טאם) אזא אינדישעס האנד=פייקעל; פויקען, פייקלען.

tom'-trot' *n.* (טאמ'-טראט') אזא צוקערווערק, אזא צוקערקע.

tom'-tur'key *n.* (טאמ'-טויר'-קי) אן אינדיק [אן "ער"].

ton *n.* (טאן) א טאן [א געוויכט פון 2000 אדער פון 2240 פונט; א מאס פון פערשיעדענער גרויס פאר פערשיעדענע געגענשטענדע, ווי למשל: 40 פוס פאר געהילץ, 20 בושעל פאר ווייץ; 40 קוביק=פוס פראכט=רוים אויף שיפען א. ז. וו.];

ton *n.* (טאן) די מאדע, דער הערשענדער טאן אדער מאדע; דער גוטער טאן, דער גוטער געשמאק.

to'nal *a.* (טאו'-נעל) וואס איז שייך צו טענער אדער טענער=הארמאניע; וואס איז שייך צו דער טאנען=סיסטעם אדער טאן=לייטונג.

tonal'ity *n.* (טא-נעל'-אי-טי) א טאנען=סיסטעם, טאן=לייטונג; אין מאלעריי — פערבינדונג פון פארבען, פארבען=הארמאניע.

to'nally *adv.* (טאו'-נעל-אי) אין בעצוג צו דער טאנען=סיסטעם אדער טאן=לייטונג; הארמאניש.

to'-name *n.* (טו'-ניים) א ביינאמען, א צונאמען.

tone *n.* and *v.* (טאון) 1. א טאן, א מוזיקאלישער קלאנג; א קלאנג; 2. אינטאנאציאן, דער טאן, דער כאראקטער פון אויסדרוק אדער פון דער שטימע; 3. א געמאכטער אדער געקינסטעלטער טאן אין רעדען; דאס אונטערזינגען [ביים רעדען אדער לייענען]; 4. אין מעדיצין — די שפאן=קראפט אדער די קרעפטיגקייט פון קערפער; געזונדהייט; 5. שטימונג, לויגע; 6. דער טאן, דער באנטאן; דער גוטער טאן; 7. דער כאראקטער, דער גייסט, די כאראקטעריסטישע אייגענשאפט; 8. אין מאלעריי — דער פארבען=עפעקט; 9. פארבונג, שאטירונג; 10. אין גראמאטיק — דער אקצענט; 11. צוגעבען א געוויסען טאן; צוגעבען א געוויסען פארבען=עפעקט; אננעהמען א געוויסען טאן אדער פארבען=עפעקט; אין פאטאגראפיע — ענדערען ביים רעטושירען די פארבונג פון א בילד; 12. רעדען אין א געמאכטען טאן אדער מיט א געמאכטען אויסדרוק; אונטערזינגען [ביים רעדען אדער לייענען]; 13. הארמאנירען [אין קלאנגען אדער פארבען]; אנשטעלען [א מוזיקאלישען אינסטרומענט].

2. The **tone** in which she spoke became low and timid. 3. Every appearance of sing-song and **tone** must be avoided in reading poetry. 6. His presence gave **tone** to the gathering. 7. The debate was conducted in a light **tone**. 9. The marble is of a brilliant **tone**.

tone'-col'or *n.* (טאונ'-קאל'-אר) דער טעמבר, די קלאנג=שאטירונג. ז. *timbre*.

toned *a.* (טאונד) 1. וואס האט א געוויסען טאן [געברויכט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער]; 2. אנגעצויגען, שטארק; 3. לייכט קאלירט, מיט א לייכטער שאטירונג; 4. אין פאטאגראפיע — פערבעסערט דעם קאליר דורך כעמישע שטאפען.

1. He spoke in a high-**toned** voice. 2. His mind was quite as firmly **toned** at eighty as at forty.

tone'-deaf'ness *n.* (טאונ'-דעפ'-נעס) מוזיקאלישע טויבקייט [אונפעהיגקייט צו הערען מוזיקאלישע קלאנגען].

tone down (טאון דאון) אנשטעלען א נידריגערען טאן; מאכען וועניגער העל [די פארב אין מאלעריי]; מאכען מילדער אדער שוואכער.

tone'less *a.* (טאונ'-לעס) אהן א טאן, אהן א קאליר, אהן אן אקצענט, ניט בעטאנט, אהן אן אויסדרוק, אהן אן אינטאנאציאן.

tone'lessness *n.* (טאונ'-לעס-נעס) טאנלאזיגקייט, קאלירלאזיגקייט, דאס ניט האבען קיין אקצענט, דאס זיין אהן אן אויסדרוק.

tone'-mas'ter *n.* (טאונ'-מעס'-טער) א טאן=קינסטלער; א פעהיגער, געניטער מוזיק=פערפאסער.

tone'-meas'urer *n.* (טאונ'-מעזש'-אור-ער) א מאנאכארד. ז. *monochord*.

tone'-pain'ting *n.* (טאונ'-פיינ'-טינג) קלאנגען=מאלעריי, דאס ארויסרופען אדער שאפען פארשטעלונגען און בילדער מיט דער הילף פון מוזיקאלישע קלאנגען.

to'ner *n.* (טאו'-נער) איינער אדער עטוואס וואס גיט א טאן אדער שאטירונג.

tone'-rela'tionship *n.* (טאונ'-רי-ליי'-שאנ-שיפ) אין מוזיק — טאן=פערהעלטניס, טאן=הארמאניע.

tone'-syl'lable *n.* (טאונ'-סיל'-עבל) די טאן=זילבע, די בעטאנטע זילבע, די ווארט=זילבע וואס האט אויף זיך דעם אקצענט.

tone up (טאון אפ) העכערען דעם טאן; העכערען, פערשטארקערען.

tong *n.* and *v.* (טאהנג) א צוואנג, א צוואנגעל; א הילצערנער געשטעל, אין וועלכען עס ווערט איינגעפאסט א דימענט ביים שלייפען; אננעהמען, האלטען אדער אנכאפען מיט א צוואנג.

ton'ga *n.* (טאנ'-גא) — אין אסט=אינדיען אזא לייכטעס וועגעל אויף צוויי רעדער.

Ton'ga bean (טאנ'-גא ביען) ז. *Tonka bean*.

tong'er *n.* (טאהנג'-ער) איינער וואס כאפט אויסטערס מיט אזא צוואנגען=אינסטרומענט. ז. *oyster-tongs*.

tong'ing *n.* (טאהנג'-אינג) דאס כאפען אויסטערס מיט אזא צוואנגען=אינסטרומענט. ז. *oyster-tongs*.

tong'man *n.* (טאהנג'-מען) ז. *tonger*.

tongs *n.* (טאהנגז) צוואנגען, א צוואנג, א צווענגעל.

tongs'man *n.* (טאהנגז'-מען) ז. *tonger*.

tongue *n.* and *v.* (טאנג) א צונג; צונג [אלס שפייז]; שפראך; דאס רעדען; פלוידעריי; רייד, הוילע רייד [אהן טהאטען], פוסטע דבורים; א שטימע, א קול; א שפראך, א פאלק; א צינגעל [פון א גלאק, פון א שלאס, פון א וואג, פון א ספראנדזשקע א. ד. ג.]; עטוואס וואס איז עהנליך אין אויסזעהן צו א צונג אדער צינגעל, עטוואס וואס שטארצט ארויס [ווי למשל: דער מונד=שטיק פון א בלאז=אינסטרומענט, דאס צינגעל פון א שוך, דער דישעל פון א וואגען, א שמאלער פאס וואסער אדער יבשה, א צאפען אין א ברעט צום איינפאסען אין דער אויסהוילונג פון אן אנדער ברעט א. ז. וו.]; שילטען, זידלען, אויסרעדען, מאכען פארווירפע; רעדען, אויסדריקען אין ווערטער; פלוידערען; בענוצען דעם צונג ביים שפיעלען אויף א בלאז=אינסטרומענט; ארויסשטארצען [ווי א צונג אדער צינגעל].

tongue'-and-groove' joint (טאנג'-

ענד-גרוהוו' דושאינט) א פעראייניגונג פון צוויי ברעטער אזוי אז א צאפען פון איין ברעט זאל זיך איינפאסען אין אן איינקארבונג פון אן אנדער ברעט.

tongue'-bit *n.* (טאנג'-ביט) אזא צוים-אייזענדעל פאר פערד וואס לאזען זיך ניט קאנטראלירען דורך א געווענליכען צוים-אייזענדעל.

tongue'-bone *n.* (טאנג'-באון) דער צונג-ביין.

tongue'-chain *n.* (טאנג'-טשיין) א קייט ביים ענד פון א דישעל פון א וואגען.

tongue'-compress'or *n.* (טאנג'-קאמ-פרעס'-אר) א צונג-אראבדריקער [א דאנטיסטישער אינסטרומענט אראבצודריקען דעם צונג].

tongued *a.* (טאנגד) וואס האט א צונג, שפראך אדער קול; וואס האט א צינגעל אדער אן ארויסשטארצונג. ז. *tongue*.

tongue'-depress'or *n.* (טאנג'-די-פרעס'-אר) א צונג-אראבדריקער [אן אינסטרומענט אראבצודריקען דעם צונג ביי מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון מויל אדער האלז].

tongue'-dough'ty *a.* (טאנג'-דאו'-טי) פלוידעריש, פלוידערענד.

tongue'-fence *n.* (טאנג'-פענס) א צונג-געפעכט, א דעבאטע, א וכוח.

tongue'-fish *n.* (טאנג'-פיש) דער צונג-פיש [אזא פלאטשיגער פיש].

tongue'-grass *n.* (טאנג'-גרעס) פעפער-גראז. ז. *peppergrass*.

tongue'-hol'der *n.* (טאנג'-האול'-דער) ז. *tongue-compressor*.

tongue'-hound *n.* (טאנג'-האונד) איינער פון די קווער-שטיקער צווישען וועלכע און אין וועלכע עס בעפעסטיגט זיך דער דישעל פון א וואגען.

tongue'-lash'ing *n.* (טאנג'-לעש'-אינג) דאס שילטען אדער זידלען.

tongue'less *a.* (טאנג'-לעס) אהן א צונג, אהן א לשון, אהן א שפראך.

tongue'let *n.* (טאנג'-לעט) א צינגעל; אזא צינגעל-פערמיגער ווארים.

tongue'-shaped *a.* (טאנג'-שייפט) צונג-פערמיג, ווי א צונג.

tongue'-spat'ula *n.* (טאנג'-ספעט'-יו-לא) א צונג-אראבדריקער [אן אינסטרומענט צום אראבדריקען דעם צונג ביי מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון מויל און האלז אדער ביים פעררייכטען און רייסען צייהן].

tongue'ster *n.* (טאנג'-סטער) א פלוידערזאק.

tongue'-test *n.* (טאנג'-טעסט) א צונג-פראבע [די מעטאדע אבצופראבירען אויב עס געפינט זיך אן עלעקטרישער שטראם אין א באטעריע אדער אין א באטעריע-קרייז דורך דעם וואס מען לעגט צו די ענדען פון די דראטען צום שפיץ צונג].

tongue'-tie *n. and v.* (טאנג'-טאי) אין מעדיצין — א שווערע בעוועגונג פון צונג, א קורצע צונג; רויבען די רעדע-פעהיגקייט, מאכען שפראכלאז.

tongue'-tied *a.* (טאנג'-טאיד) וואס האט א קורצע צונג, וואס רעדט מיט שוועריקייט; מיט א געבונדענער צונג, שטאמלענד.

tongue'-val'iant *a.* (טאנג'-וועל'-יענט) מויל-העלדיש, וואס איז א העלד בלויז מיט'ן מויל.

tongue'-war'rior *n.* (טאנג'-וואהר'-יער) א מויל-העלד, איינער וואס איז א העלד בלויז מיט'ן מויל.

tongue'-work *n.* (טאנג'-וואירק) ריידעריי, פלוידעריי.

tongue'y *a.* (טאנג'-אי) בערעדעוודיג; פלאפלעריש.

tongu'ing *n.* (טאנג'-אינג) אן ארויסשטארצונג [ווי א צונג]; דאס געברויכען די צונג ביים שפיעלען אויף בלאז-אינסטרומענטען.

tongu'ing and groo'ving (טאנג'-אינג ענד גרוה'-ווינג) דאס פעראייניגען ברעטער אזוי, אז דער צאפען פון איין ברעט זאל אריינקומען אין אן אויסהוילונג פון א צווייטער.

tongu'y *a.* (טאנג'-אי) ז. *tonguey*.

ton'ic *a. and n.* (טאנ'-איק) שטארקענד; טאניש, וואס איז שייך צו טענער אדער קלאנגען; וואס איז שייך צום גרונד-טאן; א שטארקונגס-מיטעל; דער גרונד-טאן אין מוזיק.

ton'ically *adv.* (טאנ'-אי-קעל-אי) טאניש, אין בעצוג צו טענער; אין מעדיצין — דויערענד, אהן אויפהער [ווי למשל, וועגען ספאזמען אדער קראמפען].

ton'ic chord (טאנ'-איק קאהרד) א גרונד-אקארד, אן אקארד פון דעם גרונד-טאן.

tonic'ity *n.* (טא-ניס'-אי-טי) דאס זיין טאניש; די שפאן-קראפט פון קערפער, קרעפטיגקייט, געזונדקייט.

ton'ic sol'-fa (טאנ'-איק סאול'-פא) א סיסטעם פון בעצייכנען טענער דורך בוכשטאבען און גראמאטישע צייכענס [ווי למשל, די נאטע "דא" דורך א *d*, "רע" דורך *r* א. ז. וו.].

to-night' *adv. and n.* (טו-נאיט') היינט ביי נאכט, היינט אין אבענד; היינטיגער אבענד, קומענדער אבענד, היינטיגע נאכט.

tonight' *n. and adv.* (טו-נאיט') ז. *to-night*.

to'ning *n.* (טאו'-נינג) א צוגעבען א געוויסען טאן אדער א געוויסען פארבען-עפעקט; דאס ענדערען ביים רעטושירען די פארבונג פון א פאטאגראפישען בילד; דאס ענדערען די פארב פון א בילד דורך כעמישע שטאפען; דאס ריידען אין א געמאכטען טאן, דאס אונטערזינגען; הארמאנירונג; אנשטעלונג [פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט].

ton'ish *a.* (טאנ'-איש) מאדיש.

ton'ishness *n.* (טאנ'-איש-נעס) מאדישקייט.

ton'jon *n.* (טאנ'-דזשאן) אזא אפענער טראג-שטוהל אין אינדיען וואס ווערט געטראגען אויף א שטאנג פון פיער טרעגער.

Ton'ka bean (טאנ'-קא ביען) א טאנקא-באב [אזא אראמאטישער מאנדעל-פערמיגער באב וואס וואקסט אין גוויאנא, ווענעזועלא].

ton'nage *n. and v.* (טאנ'-עדזש) דער טאנען-געהאלט אדער די טאנען-לאדונג פון א שיף; די משא אדער די לאסט פון א שיף; די משא אויסגעדריקט אין טאנען, וואס א שיף קען פיהרען; די שיפען פון א האפען אדער פון א לאנד געמאסטען לויט זייער טאנען-געהאלט [ד. ה. וויפיעל טאן משא זיי קענען ארייננעהמען]; פראכט-געלד אדער פראכט-אבצאהל לויט דעם טאנען-געהאלט פון שיף; האבען א טאנען-געהאלט אדער טאנען-לאדונג; ארויפלעגען א שיף-פראכט שטייער. ז. *ton*.

ton'nage-du'ty *n.* (טאנ'-עדזש-דיו'-טי) פראכט-שטייער, פראכט-אבצאהל פון א שיף לויט דער טאנען-לאדונג.

ton'nage tax (טאנ'-עדזש טעקס) א שטייער וואס ווערט ארויפגעלעגט אויף שיפען לויט זייער טאנען-לאדונג.

tonneau' *a. and n.* (טאנ-או') עהנליך צו א פאס אדער טון [ווענען אן אויטאמאביל]; א פאס-עהנליכער אויטאמאביל-וואגען.

ton'ner *n.* (טאנ'-ער) א שיף לויט איהר טאנען-לאדונג.

The schooner was a 2000 tonner.

Tonnerre' *n.* (טא-נעהר') טאנער, אזא רויטער וויין.

ton'nish *a.* (טאנ'-איש) ז. *tonish*.

ton'nishness *n.* (טאנ'-איש-נעס) ז. *tonishness*.

tonom'eter *n.* (טא-נאמ'-ע-טער) אין מוזיק — א טאנאמעטער, א טאן-מעסטער, א שטים-גאפעל, א קאמערטאן.

Tonquin' bean (טאנ-קין' ביען) ז. *Tonka bean*.

ton'sil *n.* (טאנ'-סיל) א האלז-מאנדעל.

tonsil'la *n.* (טאנ-סיל'-א) ז. *tonsil*.

ton'sillar *a.* (טאנ'-סי-לאר) וואס איז שייך צו די מאנדלען [אין האלז].

ton'sillary *a.* (טאנ'-סי-לע-רי) ז. *tonsillar*.

tonsillit'ic *a.* (טאנ-סי-ליט'-איק) וואס איז שייך צו די מאנדלען [אין האלז]; וואס ליידט פון מאנדלען-ענטצינדונג.

tonsilli'tis *n.* (טאנ-סי-לאי'-טיס) מאנדלען-ענטצינדונג.

tonsil'lotome *n.* (טאנ-סיל'-א-טאום) א כירורגישער אינסטרומענט אויסצושניידען די מאנדלען פון האלז.

tonsillot'omy *n.* (טאנ-סי-לאט'-א-מי) דאס אויסשניידען די מאנדלען אין האלז.

ton'sor *n.* (טאנ'-סאר) א בארביר, א צירולניק, א גאלער, א ראזירער.

tonso'rial *a.* (טאנ-סאו'-רי-על) וואס איז שייך צו א בארביר אדער צירולניק.

ton'sure *n. and v.* (טאנ'-שור) דאס שערען אדער גאלען די האר פון קאפ; שערונג, דאס זיין געשארען; דאס אויסשערען אדער אויסגאלען די האר פון קאפ ביי א קאנדידאט אויף א קאטוילישען גלח אדער מאנאך; דער איינטריט אדער די אויפנאהמע אלס גלח אדער מאנאך; די טאנזור, דער נאקעטער אויסגעגאלטער אדער אויסגעשארענער פלאץ אויף דעם קאפ פון א קאטוילישען גלח אדער מאנאך; שערען אדער גאלען די האר פון קאפ [בעזאנדערס ווענען א קאטוילישען גלח].

ton'sured *a.* (טאנ'-שורד) געשארען, געגאלט; וואס האט די טאנזור [ווענען א גלח אדער מאנאך]. ז. *tonsure*.

tontine' *n. and a.* (טאנ-טין') א טאנטינע, אן ארט נעגענזייטיגע פערזיכערונג, וואו די צינזען און דיווידענדען וואס בעלאנגען צו פערזאנען וועלכע האבען ביינעטראגען צו אן אנלייהע [הלואה], געהען איבער נאך זייער טויט ניט צו זייערע יורשים נאר צו די איבערגעבליבענע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט [דער פלאן פון דער טאנטינע איז ווי פאלגט: א געוויסע צאהל פערזאנען לעגען צונויף א געוויסע סומע געלד פאר אן אנלייהע מיט דעם תנאי, אז די דיווידענדען אדער די רענטע, וואס זי וועט ברייננען, זאל געטיילט ווערען בלויז צווישען די מיטגליעדער, וואס זיינען ביים לעבען, אהן דעם רעכט פון פערערבונג. ווען די צאהל פערזאנען איז אנפאנגס, למשל, געווען 100, און 50 פון זיי זיינען אויסגעשטארבען, ווערען די איינגאהמען געטיילט בלויז צווישען די 50 איבערגעבליבענע; ווען פון די 50 זיינען ווייטער

אויסגעשטארבען 25, דאן טיילט מען די איינגאהמען בלויז צווישען די איבערגעבליבענע 25 און אזוי ווייטער ביז עס בלייבט דער לעצטער, וועלכער נעהמט די גאנצע סומע און נאך זיין טויט הערט די טאנטינע אויף צו עקזיסטירען]; וואס איז שייך צו א טאנטינע, וואס ענטהאלט דעם פרינציפ פון א טאנטינע.

to'ny *n. and a.* (טאו'-ני) א גולם, א נאר, א שוטה; זעהר עלעגאנט, פון די "הויכע פענסטער", גרויסארטיג.

too *adv.* (טוה) צו, צו פיעל; אויך.

took (טוק) ז. *take* גענומען.

tool *n. and v.* (טוהל) א געצייג, א ווערקצייג; א געוועהר; איינער וואס ווערט אויסגענוצט פון א צווייטען אלס א ווערקצייג; א פערציערונג אדער ארנאמענט וואס ווערט אבגעדריקט אויף די טאוולען פון ביכער מיט די שטעמפלען פון אן איינבינדער; ארבייטען אדער בעארבייטען מיט געצייג; בעציערען אדער בעפוצען א בוך מיט געוויסע איינבינדערישע געצייג; אנטרייבען א געשפאן; פאהרען.

tool'-car *n.* (טוהל'-קאר) א ווערקצייגוואגאן [אזא וואגאן אין וועלכען עס ווערט געפיהרט די נויטיגע געצייג צורעכט צו מאכען די אייזענבאהן-ליניע].

tool'-chest *n.* (טוהל'-טשעסט) א ווערקצייג-קאסטען.

tooled edg'es (טוהלד עדזש'-ען) בעציערטע ברעגען אדער ראנדען פון א בוך [דורך דעם אבדרוק פון שטעמפלען].

too'ler *n.* (טוה'-לער) א שטיין-מייסעל, שטיין-דלאט [ארומצוהאקען גלאט א שטיין].

tool'-hol'der *n.* (טוהל'-האול'-דער) א גריף אדער הענטעל פון א געצייג.

too'ling *n.* (טוה'-לינג) דאס ארבייטען אדער בעארבייטען מיט געצייג.

tool'-ma'ker *n.* (טוהל'-מיי'-קער) א געצייג-מאכער, אן אינסטרומענטען-מאכער.

tool'-mark *n.* (טוהל'-מארק) א צייכען, וואס בלייבט אויף א געגענשטאנד פון די געצייג, מיט וועלכע ער איז בעארבייט געווארען.

tool'-mar'king *n.* (טוהל'-מאר'-קינג) דאס מאכען צייכענס אדער נעמען אין שטאלענע געצייג [דאס ארט וואו דער צייכען דארף געמאכט ווערען, ווערט בעדעקט מיט א דינעם שיכט חלב אדער וואקס וואו עס ווערט איינגעקריצט דער צייכען אדער דער נאמען און נאכהער ווערט די איינקריצונג בעגאסען מיט סאלפעטער-זויערע].

toom *a. and n.* (טוהם) לעדיג; א לעדיגער פלאץ, וואו מען שיט ארויס מיסט אדער אבפאל.

too man'y (טוה מענ'-אי) 1. צו פיעל; 2. צו שטארק; צו מעכטיג; פיעל פעהיגער.
2. They are **too many** for us.

toom'ly *adv.* (טוהמ'-לי) לעדיגליך, פוסט.

too much for one (טוה מאטש פאר הוואן) צו שטארק אדער צו גרויס פאר איינעם אלס א גלייכען.

toon *n.* (טוהן) דער אראמאטישער צעדערטאנענבוים [אזא גרויסער בוים וואס וואקסט אין אסט-אינדיען. זיין האלץ איז פון ציגעל-רויטען קאליר].

too'na *n.* (טוה'-נא) ז. *toon*

too'roo *n.* (טוה'-רוה) די טורו [זעהר א הויכע אמעריקאנישע פאלמע מיט א שטארקען האלץ, פון וועלכען מען מאכט ביליארד-שטעקענס, שפאציר-שטעקלעך א. ד. ג.].

toot *v. and n.* (טוהט) טוטען, בלאזען מיט א הארן; טרובען, טרומייטען, פייפען מיט א פייפעל; ארויסלאזען א קלאנג ווי פון א טרומייט, טרובע אדער פייפעל; א בלאז ווי פון א הארן, טרומייט אדער טרובע; א הוליאנקע; א פוילער, נישטיגער מענש.

too'ter *n.* (טוה'-טער) איינער וואס בלאזט אין א טרומייט, טרובע אדער הארן; א בלאז-אינסטרומענט [ווי א טרומייט, א טרובע א. ד. ג.].

tooth *n. and v.* (טוהטה) א צאהן; עטוואס איז עהנליך צו א צאהן [ווי א צאהן פון א זעג, פון א קאם, פון א ראד א. ד. ג.], עטוואס ארויסגעשטארצטעס און שפיציגעס; א צאק פון א בלאט; א געשמאק; פערזוכען, א ביס טהאן; בעזארגען מיט ציינער, פערצאהנען, איינשניידען ציינער; איינגרייפען איינע אין די אנדערע ווי צאהן-רעדער; מאכען געצאקט.

tooth'ache *n.* (טוהטה'-אייק) צאהן-וועהטאג, צאהן-שמערצען.

tooth'ache-grass *n.* (טוהטה'-אייק-גרעס) אזא הויכעס גראז אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

tooth'ache-tree *n.* (טוהטה'-אייק-טריע) דער צאהן-וועה בוים [אזא שטעכיגער בוים].

tooth and nail (טוהטה ענד נייל) מיט אלע קרעפטען.

tooth'-brush *n.* (טוהטה'-בראש) א צאהן-בערשטעל.

tooth'-car'penter *n.* (טוהטה'-קאר'-פענ-טער) א דענטיסט, א צאהן-דאקטאר [אלס הומאריסטישער אויסדרוק].

tooth'-draw'ing *n.* (טוהטה'-דראה'-אינג) דאס ארויסציהען א צאהן, דאס רייסען ציינער.

toothed *a.* (טוהטהט) מיט ציינער; געצייהנט; געצאקט; מיט שפיצען, מיט שטאכעלען.

tooth'edge *n.* (טוהטה'-עדזש) דאס אונאנגענעהמע געפיהל, וואס מען שפירט אין די ציינער פון עסען זויערע זאכען אדער ביים הערען א גרילצענדען קלאנג.

tooth'ful *a.* (טוהטה'-פול) געשמאק.

too thin (טוה טהין) צו דין, צו דורכזיכטיג, צו שוואך צו מאכען א ווירקונג אויף אימעצען אדער צו איבערצייגען.

too'thing *n.* (טוה'-טהינג) ציגעל אדער שטיינער, וואס מען לאזט זייערע שפיצען ארויסגעשטארצט פון ענד פון וואנד, כדי צו קענען צומויערען עטוואס שפעטער, ווען עס וועט זיין נויטיג.

too'thing-plane *n.* (טוה'-טהינג-פליין) א געצאקטער הובעל.

tooth'-key *n.* (טוהטה'-קיע) א צאהן-שליסעל [אזא שליסעל-פערמיגער אינסטרומענט, וואס דענטיסטען פלעגען אמאל בענוצען צום ארויסציהען ציינער].

tooth'less *a.* (טוהטה'-לעס) אהן ציינער.

tooth'let *n.* (טוהטה'-לעט) א צייהנדעל; א קליינע ארויסשטארצונג ווי א קליין צייהנדעל.

tooth'leted *a.* (טוהטה'-לעט-עד) וואס האט קליינינקע ארויסשטארצונגען אדער שפיצען [וועגען בלעטער].

tooth'-like *a.* (טוהטה'-לאיק) עהנליך צו א צאהן.

tooth'-paste *n.* (טוהטה'-פייסט) צאהן-פאסטע [אזא טייגיגע מאסע געמאכט פון צאהן-פולווער צו רייניגען די ציינער].

tooth'pick *n. and a.* (טהוטה'-פיק) א צאהן-שטעכער; אזא פלאנצע, וועלכע וואקסט אין די געגענדען פון מיטעללענדישען ים; עהנליך צו א צאהן-שטעכער.

tooth'picker *n.* (טוהטה'-פיק-ער) איינער אדער עטוואס וואס רייניגט די ציינער פון די שטיקלעך שפייז וואס בלייבט צווישען זיי פון עסען; א צאהן-שטעכער.

tooth'-plug'ger *n.* (טוהטה'-פלאג'-ער) א דענטיסטישער אינסטרומענט צו פילען אדער פלאמבירען ציינער.

tooth'-pow'der *n.* (טוהטה'-פאו'-דער) צאהן-פולווער [א פולווער אדער פראשעק צו רייניגען די ציינער].

tooth'-pulp *n.* (טוהטה'-פאלפ) די צאהן-פולפע [דער אויבערשטער טייל פון נערוו, וואס פילט אויס דעם אינוועניגסטען טייל פון צאהן].

tooth'-rash *n.* (טוהטה'-רעש) ז. *strophulus*

tooth'-shell *n.* (טוהטה'-שעל) א צאהן-שנעקע [אזא שנעקע וואס איז עהנליך צו א לאנגען צאהן].

tooth'some *a.* (טוהטה'-סאם) געשמאק.

tooth'somely *adv.* (טוהטה'-סאם-לי) מיט געשמאק, אויף א געשמאקהאפטען אופן.

tooth'someness *n.* (טוהטה'-סאם-נעס) געשמאקקייט.

tooth'wort *n.* (טוהטה'-הוואירט) די שופען-ווארצעל אדער צאהן-ווארצעל [אזא פלאנצע וואס האט צאהן-עהנליכע שופען].

tooth'-wound *n.* (טוהטה'-הוואונד) א וואונד וואס קומט פון א ביס פון א חיה.

too'thy *a.* (טוה'-טהי) וואס האט ציינער, פול מיט ציינער; געשמאק.

too'tle *v.* (טוהטל) זאנפט בלאזען אויף א פלייט.

too too (טוה טוה) זעהר און זעהר, איבער און איבער; אויסערארדענטליך.

too'-too *adv. and a.* (טוה'-טוה) ז. *too too*

toot'-plant *n.* (טוהט'-פלענט) אזא גיפטיגע פלאנצע אין ניי-זעעלאנד וואס האט לאנגע פיער-קאנטיגע צווייגען און גרויסע בלעטער.

top *n., a. and v.* (טאפ) דער שפיץ, דער אויבען; דער אויבערשטער טייל; די אויבערשטע זייט; די אויבערפלעכע; דער קאפ; דער שפיץ פון קאפ; א טשוב [פון האר אדער פעדערען]; דער העכסטער אדער ערשטער אין ראנג; דער פארנעהמסטער; דער העכסטער גראד; דער העכסטער זארט; דער אויבער-דעק פון א וואגען אדער קארעט; אזא דריידעל אדער גאר וואס דרעהט זיך, ווען ער ווערט אנגעצויגען מיט פאדים אדער שטריקעל; א פלאטפארם ארום דעם שפיץ פון דעם נידריגען מאסט אויף א שיף; וואס איז אן דער שפיצע; וואס איז דער העכסטער אדער דער פארנעהמסטער; ארויפשטייגען אין דער הויך; דערגרייכען דעם שפיץ; איבערשטייגען, איבערטרעפען; איבעריאגען; נעהמען די אויבערהאנד; אריבערשטייגען, אריבערשפרינגען; בעדעקען דעם שפיץ אדער דעם אויבען; בעקרוינען; ארויפשטעלען א שפיץ; אראבשניידען אדער אראבהאקען דעם שפיץ; זיין אויף א געוויסער הויך; ארונטערפאלען מיט'ן קאפ אראב, פאלען קאפ איבער; הענגען [אויף גנבים-שפראך].

to'parch *n.* (טאו'-פארק) א טאפארך, א הערשער פון א בעצירק אדער פון א קליינער געגענד.

topar'chia *n.* (טא-פאר'-קי-א) ז. *toparchy*

to'parchy *n.* (טאו'-פאר-קי) א טאפאר-

כיע, א בעצירק אדער קליינע געגענד וואס ווערט רעגיערט פון א טאפארך. ז. *toparch*.

top'-ar'mor *n.* (טאפ'-אר'-מאר) די פארענטשע אדער גראטע פון דער פלאטפארם פון דעם נידריגען מאסט פון א שיף.

to'paz *n.* (טאו'-פעז) א טאפאז [אזא עדעלשטיין, מייסטענס פון געלבען קאליר, אויך פון בלויליכען און גרינליכען קאליר. ז. איל. אונטער *"Gems"*]; אזא גרויסער קאליברי-פויגעל מיט גלאנציגע פעדערען.

topaz'olite *n.* (טא-פעז'-א-לאיט) טאפאזאליט, גראנאט-שטיין פון געלבען אדער אליוו-גרינעם קאליר.

top'-beam *n.* (טאפ'-ביעם) א קווער-באלקען פון א הויז.

top'-boot *n.* (טאפ'-בוהט) א שטולפען-שטיוועל [א שטיוועל וואס דער אויבערשטער טייל פון דער כאלעווע איז אריבערגעבויגען אדער האט אן אויפשלאג ווי א מאנזשעט]; א שטיוועל מיט א לאנגער כאלעווע.

top'-boo'ted *a.* (טאפ'-בוה'-טעד) וואס טראגט שטולפען-שטיוועל.

top'-coat *n.* (טאפ'-קאוט) אן אויבער-מאנטעל.

top cov'er (טאפ קאוו'-ער) דער אויבערשטער טאוועל פון א בוך.

top'-drain *v.* (טאפ'-דריין) טרוקען מאכען די אויבערפלעכע פון לאנד.

top'-drai'ning *n.* (טאפ'-דריי'-נינג) דאס טרוקען מאכען די אויבערפלעכע פון לאנד.

top'-dress *v.* (טאפ'-דרעס) בעמיסטיגען לאנד בלויז פון אויבען [ניט ארייננאקערען דאס מיסט אין דער ערד].

top'-dress'ing *n.* (טאפ'-דרעס'-אינג) דאס בעמיסטיגען לאנד בלויז פון אויבען [ניט ארייננאקערענדיג דאס מיסט אין דער ערד].

tope *v. and n.* (טאופ) זויפען, טרינקען, שכור'ען; דער שוויינס-האי, דער ים-חזיר [אזא פיש]; אזא בודיסטישער מאנומענט אין אינדיען, וואס האט די פארם פון א דאם [ז. איל.].

Tope

topee' *n.* (טאו-פיע') א הוט, א צילינדער-הוט; א היטעל.

to'per *n.* (טאו'-פער) א טרינקער, א שכור.

top'gallant *a. and n.* (טאפ'-געל-ענט) וואס איז איבער דעם צווייטען מאסט פון דעק און אונטער דעם אויבערשטען זעגעל [וועגען א מאסט-בוים אדער זעגעל]; דער זעגעל אדער דער מאסט וואס איז איבער דעם צווייטען מאסט פון דעק; דער העכסטער מאסט; א הויכער טייל אדער פלאץ, די טיילען פון שיף-דעק, וועלכע זיינען העכער ווי די אנדערע.

top'gallant mast (טאפ'-געל-ענט מעסט) דער סאמע העכסטער מאסט.

toph *n.* (טאף) ז. *tophus*.

top'-ham'per *n.* (טאפ'-העמ'-פער) א וועלכע עס איז אוננויטיגע משא אדער געוויכט אויף דעם דעק פון א שיף; שטריק, פעסלעך, זעגלען א. ד. ג. וואס זיינען אנגעווארפען אויף דעם דעק פון א שיף; די לייכטע אויבערשטע זעגלען און שטריק פון א שיף.

top'-ham'pered *n.* (טאפ'-העמ'-פערד) וואס האט צופיעל געוויכט אויף'ן דעק [וועגען א שיף].

top'-heav'iness *n.* (טאפ'-העוו'-אי-נעס) דאס זיין בעלאדען צופיעל פון אויבען.

top'-heav'y *a.* (טאפ'-העוו'-אי) שווערער פון אויבען אלס פון אונטען; וואס איז פון אויבען צופיעל בעלאסטעט; ניט פראפארציאנעל; וואס קען אומפאלען; וואס קען קיין תקומה ניט האבען; בעטרונקען, שכור.

To'phet *n.* (טאו'-פעט) תפת, דער גיהנם, די העל.

to'phus *n.* (טאו'-פאס) אזא קאלכיגער שטאף, וואס וואקסט אן אויף די געלענקפלעכען און ארום די צייהנער ביי די וואס ליידען פון גיכט [פאדאגרא].

topi' *n.* (טאו-פיע') ז. *topee*.

to'piary *a.* (טאו'-פי-ע-רי) ארומגעשניטען די צווייגען פון בוימלעך אויף אזא אופן, אז זיי זאלען בילדען פערשיעדענע פיגורען [ווי דאס ווערט געטהאן אין גארטענס אדער אויף די הויפען פון הייזער].

to'piary work (טאו'-פי-ע-רי הוואירק) דאס ארומשניידען די צווייגען פון בוימלעך אין פערשיעדענע פארמען און פיגורען.

top'ic *n. and a.* (טאפ'-איק) א טעמא, אן ענין; דאס וואס ווערט געזאגט בדרך כלל, אן ארגומענט וואס קען געברויכט ווערען פאר פערשיעדענע פעלע; געוויסע בעטראכטונגען פון וועלכע מען קען ציהען וואהרשיינליכע ארגומענטען; אן ערטליכעס אדער לאקאלעס הייל-מיטעל; ערטליך.

top'ical *a.* (טאפ'-אי-קעל) ערטליך; וואס ווערט אנגעווענדעט בלויז פאר א געוויסען טייל פון קערפער [וועגען מעדיצינען]; וואס איז בדרך כלל, וואס איז וואהרשיינליך אדער מעגליך; ווי אן ארגומענט; וואס איז שייך צו א טעמא אדער אן ענין; וואס האט צו טהאן מיט ארטיגע אנגעלעגענהייטען.

top'ically *adv.* (טאפ'-אי-קעל-אי) אין בעצוג צו א טעמא אדער ענין; אין בעצוג צו אן ארט אדער געגענשטאנד; ערטליך.

top'ic of the day (טאפ'-איק אוו טהי דיי) די טעמא פון טאג, דער געשפרעך פון טאג.

top'knot *n.* (טאפ'-נאט) א קאפ-שלייף, א קאפ-באנד; א טשוב.

top'knotted *a.* (טאפ'-נאט-עד) בעפוצט מיט שלייפען אדער קאפ-בענדער.

top'-lan'tern *n.* (טאפ'-לענ'-טערן) א גרויסע לאנטערנע אין דער הויך פון א פלאג-שיף.

top'less *a.* (טאפ'-לעס) אהן א שפיץ; אונענדליך הויך.

top'-light *n.* (טאפ'-לאיט) א בעלייכטונג אויף דעם שפיץ פון א שיף.

top'-li'ning *n.* (טאפ'-לאי'-נינג) דער אונטערשלאג פון דער הינטערשטער זייט פון דעם אויבערשטען זעגעל.

top'loftical *a.* (טאפ'-לאהפ-טי-קעל) ז. *toplofty*.

top'loftiness *n.* (טאפ'-לאהפ-טי-נעס) דאס האבען א הויכען שפיץ; דאס זיין באמבאסטיש אדער אויפגעבלאזען.

top'lofty *a.* (טאפ'-לאהפ-טי) וואס האט א הויכען שפיץ; באמבאסטיש, אויפגעבלאזען, פול מיט פרעטענזיעס.

top'man *n.* (טאפ'-מען) דער זעגער וואס שטעהט פון אויבען ביים זעגען ברעטער פון קלעצער; א מאטראז וואס שטעהט אויף דער וואך אדער טהוט זיין דיענסט אויבען אויף דער שיף; א האנדעלס-שיף.

top'mast *n.* (טאפ'-מעסט) דער צווייטער מאסט פון דעק.

top'most *a.* (טאפ'-מאוסט) וואס איז דער אויבערשטער אדער דער העכסטער.

top notch (טאפ נאטש) די העכסטע מדרגה, די העכסטע שטופע, דער העכסטער גראד.

top'-notch'er *n.* (טאפ'-נאטש'-ער) דאס אויבערשטע פון שטייסעל, דאס אויבערשטע פון כריין [איינער אדער עטוואס וואס שטעהט אויף דער העכסטער שטופע אדער מדרגה].

top off (טאפ אף) ארויסענדיגען, פערענדיגען.

top of the tree (טאפ אוו טהי טריע) די העכסטע שטופע, די העכסטע מדרגה.

topog'rapher *n.* (טא-פאג'-רע-פער) א טאפאגראף, אן ארט-בעשרייבער, איינער וואס בעשרייבט גענוי און אויספיהרליך א בעשטימטען ארט, ווי א שטאדט, א געגענד א. ז. וו.

topograph'ic *a.* (טאפ-א-גרעפ'-איק) טאפאגראפיש, וואס געהערט צו ארט-בעשרייבונג, וואס איז שייך צו טאפאגראפיע [ז. *topography*].

topograph'ical *a.* (טאפ-א-גרעפ'-אי-קעל) ז. *topographic*.

topograph'ically *adv.* (טאפ-א-גרעפ'-אי-קעל-אי) אויף א טאפאגראפישען אופן, לויט טאפאגראפיע. ז. *topography*.

topograph'ic recon'naissance (טאפ-א-גרעפ'-איק רי-קאנ'-אי-סענס) אן אויבערפלעכליכע אדער ניט קיין גענויע טאפאגראפישע אויפנאהמע פון א געגענד.

topog'raphist *n.* (טא-פאג'-רע-פיסט) ז. *topographer*.

topog'raphy *n.* (טא-פאג'-רע-פי) טאפאגראפיע, אן אויספיהרליכע און גענויע בעשרייבונג פון א געוויסען ארט, ווי פון א שטאדט, א געגענד א. ז. וו.; דאס פערצייכנענען אויף א קארטע אדער מאפע אלע איינצעלהייטען און פיזישע אייגענטימליכקייטען פון א געגענד; די פיזישע אייגענשאפטען אדער אייגענטימליכקייטען, וועלכע כאראקטעריזירען א געגענד; אין זאאלאגיע — די בעשרייבונג פון דעם אויסזעהן פון פערשיעדענע טיילען פון א בעשעפעניש אין איהר אויסערליכען אויסזעהן אין אלגעמיין; אין אנאטאמיע — די אויפצייכנונג אויף א קארטע פון'ם אויסזעהן פון קערפער מיט דער בעצייכנונג פון די ערטער, אין וועלכע די איינצעלנע גליעדער געפינען זיך.

topol'ogy *n.* (טא-פאל'-א-דזשי) טאפאלאגיע, די מעטאדע צו פערשטארקען דעם זכרון דורך פערבינדען אין געדאנק די זאכען, וועלכע מען דארף געדענקען, מיט א געוויסען בעוואוסטען פלאץ.

top one's part (טאפ הוואנז פארט) אבטהאן ווי נויטיג זיין חלק ארבייט.

topon'omy *n.* (טא-פאנ'-א-מי) טאפאנאמיע, א רייסטער פון אלע ערטער-נעמען פון א בעשטימטער געגענד.

top'ophone *n.* (טאפ'-א-פאון) אן אינ-

סטרומענט צו בעשטימען די ריכטונג פון וואנען א קלאנגט קומט.

top'per *n.* (טאפ'–ער) דער אדער דאס וואס בעדעקט; דאס וואס ליעגט פון אויבען; דער אויבערשטער טייל אדער די אויבערשטע שיכט פון עפעס; עפעס איבערטרעפליכעס, אויסערגעוועהנליכעס; א זעץ איבער'ן קאפ; דאס שטיקעל וואס בלייבט פון אן אויסגערויכערטען ציגאר; דער טאבאק וואס בלייבט אויף'ן דעק פון אן אויסגערויכערטער ליולקע.

top'ping *a. and n.* (טאפ'–אינג) עמינענט, הויך, ערהאבען, זעהר פראמינענט, אויסגעצייכענט; הויכמוטיג, איבערמוטיג; מיט פרעטענזיעס, פרעך, חוצפה'דיג; איינער וואס נעהמט אראב דאס אויבערשטע; דאס אבשניידען די אויבערשטע צווייגען פון א בוים; דער אויבערשטער טייל פון עפעס; דער פאדערשטער האר=לאק אדער פעדערען=טשוב [ווי דער טשוב פון א פויגעל, די טשופרינע פון א פערד א. ד. ג.]; דער עק פון א קינסטליך געמאכטער פליעג, וואס ווערט בענוצט ביים פאנגען פיש.

top'ping-lift *n.* (טאפ'–אינג–ליפט) אויף א זעגעל=שיף — א שטריק אונטערצוהאלטען אדער אויפצוהויבען דעם קווער=שטאנג פון דעם ביזאן=זעגעל [דער אונטערשטער שרעגער זעגעל פון דער הינטערשטער מאסט].

top'pings *n.* (טאפ'–אינגז) די אבגעשניטענע אויבערשטע טיילען [ווי די אבגעשניטענע צווייגען פון א בוים].

top'ple *v.* (טאפל) פאלען, אומפאלען; פאלען מיט דעם קאפ אראב; אראבהענגען אזוי, עס זאל אויסווייזען ווי עס פאלט; אומווארפען, נידערשטירצען.

top'-proud *a.* (טאפ'–פראוד) זעהר שטאלץ.

top'sail *n.* (טאפ'–סייל) דער פיער=קאנטיגער זעגעל וואס איז איבער דעם הויפט=זעגעל פון מאסט.

tops'-and-bot'toms *n.* (טאפס'–ענד–באט'–אמז) צוויבאק.

top'-saw *n.* (טאפ'–סאה) די אויבערשטע פון די צוויי רונדע זעגען, וועלכע ארבייטען צוזאמען אין א זעג=מיהל.

top'-saw'yer *n.* (טאפ'–סאה'–יער) דער זעגער וואס שטעהט פון אויבען ביים זעגען ברעטער פון קלעצער; איינער וואס שטעהט אויף א העכערער שטופע אלס אנדערע; אן אויבערהאר, א העכערער; א פראמינענטע אדער וויכטיגע פערזאן.

top'-shaped *a.* (טאפ'–שייפט) קרייזעל=פערמיג, וואס האט די פארם פון א קאנישען דריידעל.

top'-shell *n.* (טאפ'–שעל) א קאנישער מושעל.

top side (טאפ סאיד) דער אויבערשטער טאוועל פון א בוך.

top'side *n.* (טאפ'–סאיד) די אויבערשטע זייט, דער אויבערשטער טייל.

top'sides *n.* (טאפ'–סאידז) דאס אויבערווערק פון א שיף [דער טייל פון א שיף וואס איז איבער דעם וואסער].

tops'man *n.* (טאפס'–מען) אן אויבערפיה=טרייבער, אן אויפזעהער איבער פאסטוכער; דער זעגער, וואס שטעהט פון אויבען ביים זעגען ברעטער פון קלעצער; א מאטראז, וואס שטעהט אויף דער וואך אדער טהוט זיין דיענסט אויבען אויף דער שיף.

top'-soil *n.* (טאפ'–סאיל) די אויבערשטע פלעכע פון ערד=באדען.

top'-soil'ing *n.* (טאפ'–סאי'–לינג) דאס אראבגראבען די אויבערשטע פלעכע פון דעם ערד=באדען.

top'-stone *n.* (טאפ'–סטאון) דער אויבערשטער שטיין; איינער פון די עדעלשטיינער אין א כראנאמעטער פון א שיף.

topsytur'vily *adv.* (טאפ-סי-טויר'–ווי-לי) קאפויר, מיט'ן קאפ אראב.

topsytur'viness *n.* (טאפ-סי-טויר'–ווי-נעס) אומקעהרונג, אומגעקעהרטקייט, קאפויריגקייט.

topsytur'vy *adv., a., n. and v.* (טאפ-סי-טויר'–ווי) קאפויר, מיט'ן קאפ אראב, איבערגעקעהרט; צודרעהט, צופלאנטערט, צומישט, כאאטיש; א צומישעניש, א כאאס, א תהו ובהו; מאכען קאפויר, איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראב, צודרעהען, צופלאנטערען.

topsytur'vydom *n.* (טאפ-סי-טויר'–ווי-דאם) א תהו ובהו, אן איבערקעהרעניש, א צומישעניש.

topsyturvyfica'tion *n.* (טאפ-סי-טויר-ווי-פי-קיי'–שאן) א פערדרעהעניש, אן איבערקעהרונג, א צומישעניש; קאפוירינקייט.

topsytur'vyfy *v.* (טאפ-סי-טויר'–ווי-פאי) איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראב, איבערדרעהען.

top'-tim'ber *n.* (טאפ'–טימ'–בער) איינער פון די אויבערשטע באלקענס אויף דער זייט פון א שיף.

top'-tool *n.* (טאפ'–טוהל) אזא שמיעדגעצייג וואס איז עהנליך צו א דלאט.

top up (טאפ אפ) ז. *top off*.

toque *n.* (טאוק) א קליין פרויען=היטעלע אהן א ראנד; דאס הויכע, קאנישע היטעל, וואס עס פלעגט אמאל טראגען דער דאזש [דער הויפט מאגיסטראט] פון ווענעדיג; אזא שווארץ סאמעטען היטעלע, וואס מען פלעגט אמאל טראגען אין פראנקרייך.

tor *n.* (טאהר) א בערגעל; אן ארויסגעשטארצטער פעלז.

to'rah *n.* (טאו'–רא) די תורה; דער חומש.

to'ran *n.* (טאו'–רען) אין בודיסטישער ארכיטעקטור — דער טויער וואס פיהרט אין אן ארומגעצאמטען הייליגען פלאץ.

tor'banite *n.* (טאהר'–בען–איט) אזא זארט שטיין=קויהלען.

torch *n. and v.* (טאהרטש) א פאקעל; אן אויל=לעמפעל אויף א הויכען שטעקען; פאנגען פיש ביי נאכט מיט דער הילף פון א פאקעל; אין שטוקאטורעווען א הויז — אנפילען די שפאלטען צווישען די ציגעל מיט קאלך און האר.

torch'-bear'er *n.* (טאהרטש'–בעהר'–ער) א פאקעל=טרעגער, א ליכט=טרעגער.

torch'-dance *n.* (טאהרטש'–דענס) דער פאקעל=טאנץ, א טאנץ מיט פאקעלען אין די הענד.

tor'cher *n.* (טאהר'–טשער) א בעלייכטער, איינער וואס בעלייכטעט; איינער וואס פאנגט פיש ביי נאכט ביי דעם שיין פון א פאקעל.

torchère' *n.* (טאהר–שעהר') א גרויסער קונסטפאל=געמאכטער לייכטער.

torch'-fish'ing *n.* (טאהרטש'–פיש'–אינג) דאס פאנגען פיש ביי נאכט ביי דעם שיין פון א פאקעל.

tor'ching *n.* (טאהר'–טשינג) ז. *torch-fishing*.

torch'less *a.* (טאהרטש'–לעס) אהן א פאקעל; ניט בעלייכטעט.

torch'-light *n.* (טאהרטש'–לאיט) דאס פאקעל=ליכט.

tor'chon pa'per (טאחר'–שאן פיי'–פער) א שארסטיגעם פאפיער, וואס ווערט געברויכט אין אקווארעל=מאלעריי.

torch'-race *n.* (טאהרטש'–רייס) אין אלט=גריכענלאנד — א וועט=לויף מיט פאקעלען אין די הענד, וואו עס פלעגט געווינען דער יעניגער, וועלכער פלעגט דער ערשטער קומען צום פונקט און זיין פאקעל פלעגט נאך האלטען אין ברענען.

torch'-staff *n.* (טאהרטש'–סטעף) דאס שטעקעל פון א פאקעל.

torch'-this'tle *n.* (טאהרטש'–טהיס'ל) א מין קאקטוס=פלאנצע, וועמעס שטענגעל פלעגט דיענען ביי די אינדיאנער פאר פאקעלען.

torch'-wood *n.* (טאהרטש'–הוואוד) האלץ, פון וועלכען מען מאכט פאקעלען; א מין צענטראל=אמעריקאנער בוים.

torch'wort *n.* (טאהרטש'–הוואירט) ז. *mullein*.

tor'cular *n.* (טאהר'–קיו–לאר) אזא כירורגישער אינסטרומענט צו פערהאלטען א בלוט=פלוס.

tore *n.* (טאור) אין ארכיטעקטור — דער אונטערשטער האלב=רונדער געזימס פון א זייל; אין געאמעטריע — די פלעכע אדער דער קערפער וואס בעקומט זיך, ווען א קרייז אדער עליפסע דרעהט זיך ארום איהר אקס.

tore (טאור). ז. *tear*. צוריסען.

toreador' *n.* (טאר–ע–א–דאהר') אין שפאניען — א טארעאדאר, אן אקסען=פעכטער [דער וואס טרעט ארויס געגען א צורייצטען אקס אין א שפאנישען צירק און שטעכט איהם].

toreumatog'raphy *n.* (טא–רוה–מע–טאג'–רע–פי) א בעשרייבונג פון פארצייטיגע קונסט=ארבייט אין מעטאל.

toreumatol'ogy *n.* (טא–רוה–מע–טאל'–א–דזשי) די לעהרע וועגען פארצייטיגע קונסט=ארבייט אין מעטאל.

toreu'tes *n.* (טא–רוה'–טיז) אין אלט=גריכענלאנד און רוים — א קינסטלער אין מעטאל=ארבייט.

toreu'tic *a.* (טא–רוה'–טיק) אין פארצייטיגער מעטאל=ארבייט — איינגעגראווירט, איינגעקריצט; געמאכט בולט.

toreu'tics *n.* (טא–רוה'–טיקס) די קונסט פון איינגראווירען אדער איינקריצען פיגורען אין מעטאל.

torfa'ceous *a.* (טאהר–פיי'–שיאס) וואס וואקסט אין זומפען אדער אין מאך [וועגען געוויסע פלאנצען].

Torins' *n.* (טאו–רען') א מין פראנצויזישער רויטער וויין.

torment' *v.* (טאהר–מענט') פייניגען, מאטערען, אנטהאן יסורים.

tor'ment *n.* (טאהר'–מענט) פייניגונג, פיין, מאטערניש, יסורים; א פייניגונגס=אינסטרומענט; א מיטעל אנצוטהאן יסורים.

tormen'ted *a.* (טאהר–מענ'–טעד) געמאטערט, געפייניגט; פערקרימט, מיט א פערדארבענעם געשטאלט.

tormen'ter *n.* (טאהר–מענ'–טער) ז. *tormentor*.

tor'mentful *a.* (טאהר'–מענט–פול) וואס פעראורזאכט גרויסע יסורים.

tor'mentil *n.* (טאהר'–מענ–טיל) דער טארמענטיל=ווארצעל [א גראז=ארטיגע פלאנצע מיט העל=געלבע בליהונגען. ענטהאלט אין זיך א פארבענדען רויטען שטאף. ווערט געברויכט אין מעדיצין].

tormen'tingly *adv.* (טאהר–מענ'–טינג–

לי) פערארזאכענדיג יסורים, פייניגענדיג.

tormen'tingness *n.* (טאהר–מענ'–טינג–נעס) דאס זיין פייניגענד; פייניגונג.

tormen'tor *n.* (טאהר–מענ'–טאר) א פייניגער, א קאט, א תליון; איינער אדער עפעס וואס פערשאפט יסורים; אזא באַראנע אויף רעדער וואס ווערט בענוצט צו בראנעווען א הארטען באדען.

tormen'tress *n.* (טאהר–מענ'–טרעס) א פייניגערין; איינע וואס טהוט אן יסורים.

tormen'tum *n.* (טאהר–מענ'–טאם) א פארצייטיגע קריעגס-מאשין, א מין קאַטאפולטע [ז. *catapult*]; א קליינער הארמאט; א דריידעל [א קינדערשעס שפיעלצייג]; אין מעדיצין — א קראנקהייט אין בויך וואו איין טייל פון די געדערים גליטשט זיך אריין אין אן אנדער טייל.

tor'mina *n.* (טאהר'–מי–נא) קאליק [אזא שטארקער קראמפף אין די געדערים].

tor'minal *a.* (טאהר'–מי–נעל) ז. *torminous*.

tor'minous *a.* (טאהר'–מי–נאס) וואס האט דעם כאראקטער פון קאליק [א שמערצליכער קראמפף אין די געדערים].

torn (טאורן) צוריסען, צופליקט. ז. *tear*.

tornad'ic *a.* (טאהר–נעד'–איק) וואס איז שייך צו א שטורם-ווינד.

torna'do *n.* (טאהר–ניי'–דאו) א טאַרנאדא, א שטורם-ווינד, א פלעצליכער שטורם-ווינד.

tor'niquet *n.* (טאהר'–ני–קעט) ז. *tourniquet*.

toroi'dal *a.* (טא–ראי'–דעל) וואס האט די פארם פון אן אנקער-רינג.

tor'op *n.* (טאהר'–אפ) ז. *torup*.

to'rose *a.* (טאו'–ראוס) — אין באטאניק אויפגעשוואלען ערטערווייז; ווי מיט קניפלעך [ווענען די שטענגלעך פון געוויסע פלאנצען].

toros'ity *n.* (טא–ראס'–אי–טי) דאס זיין ערטערווייז אויפגעשוואלען; דאס זיין ווי מיט קניפלעך אדער מוסקולען.

to'rous *a.* (טאו'–ראס) ז. *torose*.

torpe'do *n.* and *v.* (טאהר–פי'–דאו) אן עלעקטרישער פיש [ז. *electric fish*]; א טארפעדא, א מינע וואס ווערט ארויסגעלאזען אונטער'ן וואסער אויפצורייסען דעם שונא'ס קריעגס-שיף [ז. איל.]; אטאקירען מיט א טארפעדא; עקספלאדירען א מינע אונטער'ן וואסער.

Torpedo

torpe'do-an'chor *n.* (טאהר–פי'–דאו–ענ'–קאר) אן אנקער, וואס האלט די טארפעדא [ז. *torpedo*] אין א געוויסער ריכטונג אונטער'ן וואסער.

torpe'do-boat *n.* (טאהר–פי'–דאו–באוט) די טארפעדא-שיף [אזא קליינע קריעגס-שיף, פון וועלכער עס ווערען ארויסגעלאזען די טארפעדאס. ז. *torpedo*].

torpe'do-boat destroy'er (טאהר–פי'–דאו–באוט דעס–טראי'–ער) א טארפעדא-צושטערער [אזא זעהר שנעלע מיליטערישע שיף, געבויט אויף דער ארט פון א טארפעדא-שיף, איז בעשטימט צו פערניכטען דעם שונא'ס טארפעדא-שיפען].

torpe'do-catch'er *n.* (טאהר–פי'–דאו–קעטש'–ער) א טארפעדא-פאנגער [אזא זעהר שנעלע מיליטערישע שיף, וואס איז בעשטימט צו פאנגען דעם שונא'ס טארפעדא-שיפען].

torpe'do-of'ficer *n.* (טאהר–פי'–דאו–אפ'–אי–סער) אן אפיציער אויף א קריעגס-שיף, וועלכער האט אונטער זיין אויפזיכט די טארפעדען.

torpe'do-school *n.* (טאהר–פי'–דאו–סקוהל) א מיליטערישע שול צו לערנען אפיציערען און סאלדאטען דעם געבוי און די בענוצונג פון טארפעדען. ז. *torpedo*.

tor'pid *a.* and *n.* (טאהר'–פיד) בעטויבט, פערשטארט, אונעמפפינדליך; פויל, אונטהעטיג, טעמפ; וואס איז שייך צו די טארפידען אדער וועט-לויף פון שיפען אין אקספארדער אוניווערזיטעט; א שיפעל פון צווייטען קלאס, וואס ווערט בענוצט אין שיפען-וועט-קאמפף צווישען אקספארדער און קעמברידזשער אוניווערזיטעטען אין ענגלאנד; א רודערער פון אזא שיף.

torpid'ity *n.* (טאהר–פיד'–אי–טי) בעטויבטקייט; טעמפקייט, אונטהעטיגקייט; אונעמפפינדליכקייט; אפאטיע; פערשלאפענקייט.

tor'pidly *adv.* (טאהר'–פיד–לי) אויף א טעמפען אדער אפאטישען שטייגער; זייענדיג פערשלאפען אדער אונטהעטיג.

tor'pidness *n.* (טאהר'–פיד–נעס) ז. *torpidity*.

tor'pids *n.* (טאהר'–פידז) די טארפידען, דער וועט-לויף פון שיפען אין אקספארדער אוניווערזיטעט.

tor'pify *v.* (טאהר'–פי–פאי) בעטעגיבען, בעטויבען, פערשטארען, מאכען אונעמפפינדליך.

tor'pitude *n.* (טאהר'–פי–טיוד) ז. *torpidity*.

tor'por *n.* (טאהר'–פאר) פאלשטענדיגע בעטויבונג, אונעמפפינדליכקייט; פערשלאפענקייט, אונטהעטיגקייט, אפאטיע.

torporif'ic *a.* (טאהר–פא–ריפ'–איק) בעטויבענד, וואס בעטויבט אדער מאכט טעמפ.

tor'quate *a.* (טאהר'–קהוויית) אין זאאלאגיע — מיט א רינג פון פעדערען אדער האר ארום דעם האלז.

tor'quated *a.* (טאהר'–קהוויי–טעד) ז. *torquate*.

torque *n.* (טאהרק) א מין האלזבאנד פון שטייפען צוזאמענגעדרעהטען דראט [א מין ציערונג ביי די פארצייטיגע גאלען און גערמאנען].

torqued *a.* (טאהרקט) געפלאכטען, צוזאמענגעדרעהט ווי דראט.

torreador' *n.* (טאר–ע–ע–דאהר') ז. *toreador*.

torrefac'tion *n.* (טאר–אי–פעק'–שאן) דאס בראטען, בראטונג, ברענונג.

tor'refy *v.* (טאר'–אי–פאי) בראטען, ברענען; טריקענען אויף'ן פייער.

Tor'rens sys'tem (טאר'–ענס סיס'–טעם) דאס סיסטעם צו רעגיסטרירען און צו בעשטעטיגען דורך דער רעגיערונג דאס רעכט אויף לאנד-אייגענטום, וואס איז איינגעפיהרט געווארען פון ראבערט טארענס אין דרום-אויסטראליען און איז שפעטער אנגענומען געווארען אין אנדערע ענגלישע קאלאניעס, ווי אויך אין איינע שטאאטען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [דאס לאנד-בעזיץ ווערט צוערשט אונטערזוכט, בעשריבען און רעגיסטרירט פון א ספעציעלען בעאמטען און דער אייגענטימער בעקומט דאן אן אפיציעלען דאקומענט וואס גאַראנטירט זיין רעכט אויף דעם לאנד. דיעזעלבע רעכטס-גאראנטיע בעקומט אויך דער פערזאן וואס קויפט, דינגט אדער לייהט געלד אויף דעם לאנד].

tor'rent *n.* (טאר'–ענט) א שטארקער שטראם וואסער, א וואסערפאל, א קאסקאד; א מבול אדער שטראם פון ווערטער.

tor'rent-bow *n.* (טאר'–ענט–באו) א רעגענבויגען.

torren'tial *a.* (טא–רענ'–שעל) וואס איז שייך צו א שטראם; וואס גיסט ווי א שטראם; וואס בעקומט זיך פון אדער דורך א שטראם; פליסענד, שיטענד [מיט ווערטער].

torren'tially *adv.* (טא–רענ'–שעל–אי) פליסענדיג; ווי מיט א שטארקען שטראם.

tor'rentine *a.* (טאר'–ענ–טין) ז. *torrential*.

Torricel'lian *a.* (טאר–אי–סעל'–אי–ען) וואס איז שייך צום איטאליענישען פיזיקער טאריטשעלי [געב. 1608, געשט. 1647], וועלכער האט ערפונדען דעם באראמעטער און האט געמאכט אנדערע ענטדעקונגען אין דער פיזיק.

tor'rid *a.* (טאר'–איד) ברענענד, הייס [ספעציעל ווענען יענע ערד-טיילען, וואו עס איז זעהר הייס]; סמאליענדיג, בראטענדיג.

torrid'ity *n.* (טא–ריד'–אי–טי) הייסקייט, ברענענדיגקייט.

tor'ridness *n.* (טאר'–איד–נעס) ז. *torridity*.

tor'rid zone (טאר'–איד זאון) אין געאגראפיע — די הייסע זאנע [דער קרייז ארום דער ערד צווישען די טראפיקען, וואו עס איז געוועהנליך זעהר הייס].

tor'rify *v.* (טאר'–אי–פאי) ז. *torrefy*.

tor'rock *n.* (טאר'–אק) אזא מעווע אדער טשאיקע [א ים-פויגעל].

torsade' *n.* (טאהר–סייד') א צייל וואס איז געדרעהט ווי א ספיראל; א געדרעהטער שטריק.

tor'sal *n.* and *a.* (טאהר'–סעל) עפעס וואס שטעלט מיט זיך פאר א צוזאמענגעדרעהטע אדער צונויפגעראלטע זאך; איינער פון די שטעהענדע באלקענס אדער סלופעס אין א וואגען; וואס איז שייך צו א זאך וואס וויקעלט זיך פאנאנדער.

torse *n.* (טאהרס) א צוזאמענגעדרעהטע שנור; אין מאטעמאטיק — דאס, וואס וויקעלט זיך פאנאנדער איז א פלעכע; דער טארס, א רומפף פון א סטאטוע [דער קערפער פון א סטאטוע אהן דעם קאפ און אהן די הענד און פיס].

tor'sel *n.* (טאהר'–סעל) עפעס וואס האט א צונויפגעדרעהטע פארם; א געדרעהטע פערציערונג אדער ארנאמענט; א קלעצעל אדער ברעטעל אין א וואנד אויף וועלכען עס לעגט זיך ארויף דער ענד פון א באלקען.

torsibil'ity *n.* (טאהר–סי–ביל'–אי–טי) דאס קענען געדרעהט אדער צונויפגעדרעהט ווערען.

tor'sion *n.* (טאהר'–שאן) דרעהונג, ווינדונג; דאס דרעהען.

tor'sional *a.* (טאהר'–שאנ–על) וואס איז שייך צו דרעהונג אדער ווינדונג.

tor'sionally *adv.* (טאהר'–שאנ–על–אי) דורך דרעהונג; בנוגע צו דרעהונג.

tor'sionless *a.* (טאהר'-שאנ-לעס) אהן דרעהונג.

tor'sive *a.* (טאהר'-סיוו) אין באטאניק — געדרעהט אין א ספּיראלער פארם.

torsk *n.* (טאהרסק) אזא דארש-פיש [אזא פיש, וואס געפינט זיך אין גרויסע מאסען ארום שאטלאנד. ווערט פיעל געברויכט אלס שפּייז אין געזאלצענעם און געטריקענטען צושטאנד].

tor'so *n.* (טאהר'-סאו) דער טארס, דער רומפּ פון א סטאטוע [דער קערפּער פון א סטאטוע אהן דעם קאפּ, הענד און פיס].

tort *n.* (טאהרט) א שאדען, א היזק; אן אונרעכט.

tort'-fea'sor *n.* (טאהרט'-פיע'-זאר) אין יוריספּרודענץ — דער וואס מאכט אן א שאדען אדער היזק; דער וואס טהוט אן אונרעכט.

torticol'lar *a.* (טאהר-טי-קאל'-אר) מיט אן אויסגעדרעהטען האלז; וואס ליידעט פון האלז-פערשטארונג [ווען דער קאפּ איז אנגעבויגען אן א זייט און עס איז שווער איהם אומצודרעהען].

torticol'lis *n.* (טאהר-טי-קאל'-איס) האלז-פערשטארונג, האלז-פערשטייפונג [א קרענקליכער צושטאנד, ווען דער קאפּ איז אנגעבויגען אן א זייט און עס איז שווער איהם צו קעהרען].

tor'tile *a.* (טאהר'-טיל) צונויפגעדרעהט; אויסגעבויגען, איינגעבויגען; אין באטאניק — אויסגעדרעהט ווי א שטריק.

tortil'ity *n.* (טאהר-טיל'-אי-טי) געדרעהטקייט, דאס זיין געדרעהט.

tor'tious *a.* (טאהר'-שאס) שעדליך; שעדיגענד; וואס האט דעם כאראקטער פון א שאדען אדער היזק.

tor'tiously *adv.* (טאהר'-שאס-לי) אויף א שעדיגענדען אופן.

tor'tive *a.* (טאהר'-טיוו) צוזאמענגעדרעהט [ווי א שטריק].

tor'toise *n.* (טאהר'-טים) א טשערעפּאכע, א שילדקראט [ז. *turtle*]; א בעוועגליכער דאך [ווי דער אלט-רוימישער שטורם-דאך. ז. *testudo*].

tor'toise-shell *n. and a.* (טאהר'-טים-שעל) טשערעפּאכע-ביין, דער ביינינער שילד אדער שופּ פון געוויסע טשערעפּאכעס; א קאץ מיט שווארצע און געלבע פלעקען; א זומער-פויגעלע וואס האט דעם קאליר פון טשערעפּאכע-ביין; געמאכט פון טשערעפּאכע-ביין.

tor'tulous *a.* (טאהר'-טשו-לאס) געדרעהט, צוזאמענגעדרעהט [ווי א שטריק אדער שנור].

tortuos'ity *n.* (טאהר-טשו-אס'-אי-טי) געדרעהטקייט, געשלענגעלטקייט.

tor'tuous *a.* (טאהר'-טשו-אס) געדרעהט; געשלענגעלט; פערדארבען [מאראליש].

tor'tuously *adv.* (טאהר'-טשו-אס-לי) אויף א געדרעהטען אדער געשלענגעלטען אופן.

tor'tuousness *n.* (טאהר'-טשו-אס-נעס) ז. *tortuosity*.

tor'turable *a.* (טאהר'-טשור-עבל) וואס קען געפּייניגט ווערען.

tor'turableness *n.* (טאהר'-טשור-עבל-נעס) דאס קענען געפּייניגט ווערען.

tor'ture *n. and v.* (טאהר'-טשור) פּייניגונג, קוועלונג; יסורים, געברענטע לייד; פּייניגען, אנטהאן יסורים.

tor'turer *n.* (טאהר'-טשור-ער) א פּייניגער, איינער וואס טהוט אן יסורים.

tor'turing *a.* (טאהר'-טשור-אינג) פּייניגענד, קוועלענד.

tor'turingly *adv.* (טאהר'-טשור-אינג-לי) אויף א פּייניגענדען, קוועלענדען שטייגער.

tor'turous *a.* (טאהר'-טשור-אס) פּייניגענד, קוועלענד; וואס טהוט אן יסורים.

Tor'ula *n.* (טאר'-או-לא) דער מין מיקראסקאפּישע שוועמלעך וואס רופען ארויס געהרונג אדער אירונג [ווי פון ביער, וויין א. ד. ג.].

tor'ula *n.* (טאר'-או-לא) אין באטאניק — א קליינער בלומען-באדען [ז. *torus*]; אין ביאלאגיע — א קייט פון ספערישע אדער קוגעל-פערמיגע באקטעריען [ווי א שנור פערל].

tor'uliform *a.* (טאר'-או-לי-פארם) ז. *moniliform*.

tor'uloid *a.* (טאר'-או-לאיד) וואס איז שייך צו דעם מין מיקראסקאפּישע שוועמלעך, וועלכע רופען ארויס געהרונג אדער איהרונג.

tor'ulose *a.* (טאר'-או-לאוס) אין באטאניק — קנאטיג, קניפּעלדיג [ווענען די שטענגלעך פון געוויסע פלאנצען].

tor'ulous *a.* (טאר'-או-לאס) ז. *torulose*.

tor'up *n.* (טאהר'-אפּ) א מין נארד-אמעריקאנישע גרויסע טשערעפּאכע אדער שילדקראט.

to'rus *n.* (טאו'-ראס) אין ארכיטעקטור — דער אונטערשטער האלב-רונדער געזימס פון א זייל; אין באטאניק — דער בלומען-באדען [דער טייל פון א פלאנצע, אויף וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א בלום]; אין אנאטאמיע — א גלאטע פעררונדעטע און לאנגע ארויסשטארצונג [ווי פון א מוסקול].

To'ry *n. and a.* (טאו'-רי) א טארי, א מיטגליעד פון דער קאנסערוואטיווער פּארטיי אין ענגלאנד; אין דער אמעריקאנער געשיכטע — אן אנהענגער פון דער ענגלישער רעגיערונג אין די אמעריקאנער קאלאניעס אין דער צייט פון דער רעוואלוציאן געגען ענגלאנד; א קאנסערוואטאר, א מאנארכיסט; וואס איז שייך צו א טארי.

to'ryism *n.* (טאו'-רי-איזם) טאריאיזם, די פּרינציפּען אדער מעטאדען פון די טאריס. ז. *Tory*.

tos'ca *n.* (טאס'-קא) א מין ווייכער קאלך-שטיין פון דרום-אמעריקא.

toss *v. and n.* (טאס) ווארפען, שלייפערען; א ווארף טהאן אין דער הויך, א שנאל טהאן, שנעלען; אומווארפען הין און צוריק, פּאנאנדערשאקלען. טרייסלען; ברענגען אין אויפרעגונג, שטארק בעאונרוהיגען; שנעל אבטהאן עפּעס; האסטיג אריינגיסען [א טרונק בראנפען]; זיך טרייסלען, זיך שאקלען; זיך ווארפען הין און הער, אריבערגעהן פון איין געגענשטאנד אויף א צווייטען [ווי אין א געשפרעך אדער ויכוח]; א ווארף, א שטויס, א שליידער, א טרייסעל; א שנעלער שאקעל מיט'ן קאפּ; אן אויפרוהר, אן אויפרעגונג.

tos'sel *n.* (טאס'-על) ז. *torsel*.

toss'er *n.* (טאס'-ער) א ווארפער, א שליידערער.

tos'sicated *a.* (טאס'-אי-קיי-טעד) ז. *tosticated*.

toss'ily *adv.* (טאס'-אי-לי) מאכענדיג מיט'ן קאפּ [אלס אן אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט אדער פעראכטונג].

toss'ing *n.* (טאס'-אינג) דאס טרייסלען, דאס אומווארפען הין און הער.

toss off (טאס אף) אויסטרינקען ביז'ן דעק; אבשטופּען [די צייט].

toss'-pot *n.* (טאס'-פּאט) א טרינקער, א זויפער, א שכור.

toss up (טאס אפּ) שנעל צוגרייטען [צום קאכען]; ווארפען אין דער הויך [א מטבע], שפּיעלען אין קאפּ און אדלער [מיט מטבעות].

toss'-up *n.* (טאס'-אפּ) דאס ווארפען אין דער הויך א מטבע [ביים שפּיעלען אין קאפּ און אדלער]; א גלייכער שאנס צו געווינען.

toss'y *a.* (טאס'-אי) שאקלענד מיט'ן קאפּ [אלס אויסדרוק פון גלייכגילטיגקייט אדער פעראכטונג].

tost (טאסט) געווארפען, געשליידערט, געשטויסען א. ז. וו. ז. *toss*.

tos'ticated *a.* (טאס'-טי-קיי-טעד) בעזויפען, שכור.

to'sy *a.* (טאו'-זי) וואליג, פון וואל; ווייך.

tot *n. and v.* (טאט) א קליין קינד; די גאנצע סומע, די גאנצע מאסע; א חבור, א סומע; צוזאמענרעכנען, צונויפ'חשבונ'ען.

to'tal *a., n. and v.* (טאו'-טעל) גאנץ; גענצליך, פול; טאטאל, פאלשטענדיג, אבסאלוט; די גאנצע סומע, דער סך-הכל; צוזאמענרעכנען, מאכען דעם סך הכל.

to'tal ab'stinence (טאו'-טעל עב'-סטי-נענס) א פאלשטענדיגעס אבהאלטען זיך פון טרינקען אדער שכור'ען.

to'tal amount' (טאו'-טעל עמאונט') דער פאלשטענדיגער אדער ענדליכער סך-הכל.

totalisa'tion *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-שאן) ז. *totalization*.

totalisa'tor *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-טאר) ז. *totalizator*.

to'talise *v.* (טאו'-טעל-איז) ז. *totalize*.

to'taliser *n.* (טאו'-טעל-אי-זער) ז. *totalizator*.

total'ity *n.* (טא-טעל'-אי-טי) די גאנצע סומע, דאס גאנצע; די גאנצקייט; אין אסטראנאמיע — א פאלשטענדיגע פערפינסטערונג, א פאלשטענדיגע לקוי חמה אדער לקוי לבנה.

totaliza'tion *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען דעם סך-הכל.

totaliza'tor *n.* (טאו-טעל-אי-זיי'-טאר) א טאטאליזאטאר, אזא אפּאראט וואס ווערט בענוצט אויף א וועט-לויף פון פערד, צו רעגיסטרירען דעם סך-הכל פון דעם וועט-געלד וואס איז איינגעלעגט געווארען אויף יעדען פערד.

to'talize *v.* (טאו'-טעל-איז) טאטאליזירען, אונטערפיהרען דעם סך הכל; בענוצען דעם טאטאליזאטאר [ז. *totalizator*].

to'talizer *n.* (טאו'-טעל-אי-זער) ז. *totalizator*.

to'tally *adv.* (טאו'-טעל-אי) פאלשטענדיג, גענצליך, דורכאויס.

to'talness *n.* (טאו'-טעל-נעס) גאנצקייט, פאלשטענדיגקייט.

tota'ra *n.* (טא-טא'-רא) די טאטארא, אזא בוים פון ניי-זעעלאנד מיט א רויטליכען זעהר גוטען האלץ.

tot'-book *n.* (טאט'-בוק) א בוך מיט איבונגען אין חשבונ'ען.

tote *v. and n.* (טאוט) טראגען, טראגען אויף זיך; שלעפּען [נעהילץ]; רעכענען; דאס גאנצע, די גאנצע צאהל; דאס הענטעל פון א סטאליאר'ס הובעל.

tote fair (טאוט פעהר) האנדלען אויפריכטיג, זיין עהרליך.

tote'-load *n.* (טאוט'-לאוד) אזוי פיעל וויפיעל איינער קען טראגען.

to'tem *n.* (טאו'-טעם) [א] א טאטעם נאטור-געגענשטאנד, הויפטזעכליך א חיה, וואס ווערט בעטראכט ביי ווילדע פעלקער אלס עמבלעם פון א שבט, פאמיליע אדער פערזאן און ווערט פערהייליגט ביי זיי]; א בילד פון א טאטעם [ווערט געווענליך געטראגען אויף די קליידער אדער ווערט געמאלען אויף דעם קערפער פון די מיטגליעדער פון דעם שבט אדער פאמיליע].

totem'ic *a.* (טא-טעמ'-איק) וואס איז שייך צו א טאטעם, בעצייכענט דורך א טאטעם, פון איין שבט אדער פאמיליע. ז. *totem*

to'temism *n.* (טאו'-טעם-איזם) טאטעמיזם, געברויך פון טאטעמס, פערהייליגונג פון טאטעמס, רעליגיעזע צערעמאָניעס אין פערבינדונג מיט טאטעמס; פעטישיזם. ז. *totem*

to'temist *n.* (טאו'-טעם-איסט) איינער וואס איז בעצייכענט דורך א טאטעם; א מיטגליעדער פון א ווילדען שבט אדער פאמיליע וואס איז פערבונדען מיט די אנדערע מיטגליעדער דורך אן אלגעמיינעם טאטעם אדער עמבלעם. ז. *totem*

totemis'tic *a.* (טאו-טע-מיס'-טיק) ז. *totemic*

to'tem post (טאו'-טעם פאוסט) א טא-טעם-סלופ, א שטאנג אדער סלופ מיט אויסגעקריצטע טאטעמס. ז. *totem*

to'temy *n.* (טאו'-טעם-אי) ז. *totemism*

tote'-road *n.* (טאוט'-ראוד) א וועג, איבער וועלכען עטוואס ווערט געטראגען אדער געשלעפט [ווי געהילץ].

to the halves (טו טהי האווז) לחצאין, אויף העלפט.

t'oth'er *pr.* (טאטה'-ער) א פעראיינפא-כונג פון די ווערטער *the other* [אן אנדערער].

toth'er *pr.* (טאטה'-ער) ז. *t'other*

tot'idem ver'bis (טאט'-אי-דעם וואיר'-ביס) אין דערזעלבער צאהל ווערטער, מיט דיזעלבע ווערטער.

to'ties quo'ties (טאו'-שי-איז קוואו'-שי-איז) איינס אזוי אפט ווי דאס אנדערע.

totipal'mate *a. and n.* (טאו-טי-פעל'-מייט) אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך [ווענען די פיס פון פויגלען]; וואס די פיס זיינען ביי זיי אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך [ווענען פויגלען]; א פויגעל, ביי וועלכען די פיס זיינען אין גאנצען בעדעקט מיט שווים-הייטלעך.

totipalma'tion *n.* (טאו-טי-פעל-מיי'-שאן) פאלשטענדיגע בעוואקסונג אדער בעדעקונג מיט שווים-הייטלעך [ווענען די פיס פון א פויגעל].

tot'itive *n.* (טאט'-אי-טיוו) א קלענערע צאהל וואס האט ניט קיין געמיינשאפטליכען טיילער [א צאהל, אויף וועלכער עס ווערט געטיילט] מיט אן אנדער צאהל, אויסער 1.

tram'per *n.* (טרעמ'–פער) אן ארומוואנדערער, אן ארומטרייבער, אן ארומשלעפער, א בראדיאגע; א ציגיינער; א וואנדער⸗געזעל [אן ארבייטער וואס וואנדערט ארום זוכען ארבייט].

tram'-plate *n.* (טרעמ'–פלייט) א פלאכע רעלסע [שינע].

tram'ple *v. and n.* (טרעמפל) טרעטען מיט די פיס, טראמפלען; א טראמפעל, א שטארקער טראט מיט'ן פוס; דאס טראמפלען מיט די פיס.

tram'pler *n.* (טרעמ'–פלער) איינער וואס טרעט אדער טראמפעלט מיט די פיס.

trampoose' *v.* (טרעמ–פוהס') ארומוואנדערען, זיך ארומטרייבען, זיך ארומשלעפען.

tram'pous *v.* (טרעמ'–פאס) ז. *trampoose*.

tram'-rail *n.* (טרעמ'–רייל) ז. *tram-plate*.

tram'road *n.* (טרעמ'–ראוד) א טראם⸗וואי⸗ליניע; א טראמוואי.

tram'way *n.* (טרעמ'–הוויי) א טראמוואי, א גאסען⸗אייזענבאהן, א פערד⸗באהן.

tram'-wheel *n.* (טרעמ'–הוויעל) א ראד פון א טראמוואי⸗וואגאן.

trance *n. and v.* (טרענס) עקסטאז; ענטציקונג; בעגייסטערונג; ערשטוינונג; א בעוואוסטלאזער צושטאנד; א היפנאטישער צושטאנד; בעשטירצונג; ענטציקען; בעצויבערען.

tran'cedly *adv.* (טרענ'–סעד–לי) אין ענטציקונג; אין עקסטאז; ווי בעצויבערט; ווי היפנאטיזירט.

tran'gram *n.* (טרענ'–גרעם) ז. *trankum*.

trank *n.* (טרענק) א צוגעשניטענעם שטיק לעדער פאר א הענטשקע.

tran'kum *n.* (טרענ'–קאם) עטוואס ווערטהלאזעס אדער אוננוציגעס.

tran'nel *n.* (טרענ'–על) א לאנגער האלץ⸗שטיפט, א פלעקעל.

tran'quil *a.* (טרענ'–קהוויל) שטיל, רוהיג, געלאסען.

tran'quilise *v.* (טרענ'–קהוויל–איז) ז. *tranquilize*.

tranquiliza'tion *n.* (טרענ–קהוויל–אי–זיי'–שאן) דאס איינשטילען, דאס בערוהיגען; בערוהיגונג, איינשטילונג.

tran'quilize *v.* (טרענ'–קהוויל–איז) איינשטילען, בערוהיגען; שטיל מאכען; זיך איינשטילען, זיך בערוהיגען; שטיל ווערען.

tran'quilizer *n.* (טרענ'–קהוויל–אי–זער) א בערוהיגער, אן איינשטילער; א בערוהיגונגס⸗מיטעל.

tran'quilizingly *adv.* (טרענ'–קהוויל–אי–זינג–לי) איינשטילענדיג, בערוהיגענדיג; צום בערוהיגען, צום איינשטילען.

tran'quillise *v.* (טרענ'–קהוויל–איז) ז. *tranquilize*.

tranquil'lity *n.* (טרענ—קהוויל'–אי–טי) רוהיגקייט, שטילקייט; געלאסענהייט.

tranquilliza'tion *n.* (טרענ–קהוויל–אי–זיי'–שאן) ז. *tranquilization*.

tran'quillize *v.* (טרענ'–קהוויל–איז) ז. *tranquilize*.

tran'quillizer *n.* (טרענ'–קהוויל–אי–זער) ז. *tranquilizer*.

tran'quillizingly *adv.* (טרענ'–קהוויל–אי–זינג–לי) ז. *tranquilizingly*.

tran'quilly *adv.* (טרענ'–קהוויל–לי) אויף א רוהיגען אופן; רוהיג, שטיל, געלאסען.

tran'quilness *n.* (טרענ'–קהוויל–נעס) ז. *tranquillity*.

trans- (טרענס) איבער, דורך, פון יענער זייט [א ווארט וואס ווערט בענוצט אלס צוזאץ צו אנדערע ווערטער].

transact' *v.* (טרענס–עקט') פערהאנדלען; דורכפיהרען; ערפילען, טהאן; אונטערהאנדלען, פיהרען אונטערהאנדלונגען.

transact' busi'ness (טרענס–עקט' ביז'–נעס) פיהרען געשעפטען, האנדלען; פערהאנדלען די געשעפטליכע פראגען.

transac'tion *n.* (טרענס–עק'–שאן) אונטערהאנדלונג, פערהאנדלונג, פיהרונג; דורכפיהרונג; אן עניין, אן עסק, אן אנגעלעגענהייט, א געשעפט; די שליכטונג אדער אויסגלייכונג פון א סכסוך דורך דער איינשטימונג פון ביידע צדדים.

transac'tions *n.* (טרענס–עק'–שאנז) די בעריכטען, וועלכע ענטהאלטען די רעפעראטען, פערהאנדלונגען, דיסקוסיאנען א. ז. וו. פון א פערזאמלונג וואס ווערט אבגעהאלטען פון א וויסענשאפטליכען פעראיין.

transac'tor *n.* (טרענס–עק'–טאר) א דורכפיהרער; אן אונטערהאנדלער, א פערהאנדלער; איינער וואס פיהרט געשעפטען.

transal'pine *a. and n.* (טרענס–על'–פין) וואס ליעגט איבער די אלפען⸗בערג, וואס געפינט זיך פון יענער זייט די אלפען; איינער וואס איז געבארען אדער וואהנט פון יענער זייט די אלפען.

transanima'tion *n.* (טרענס–ען–אי–מיי'–שאן) די זעעלען⸗וואנדערונג, דאס מגולגל ווערען פון דער נשמה פון א געשטארבענעם אין אן אנדער קערפער.

transatlan'tic *a.* (טרענס–עט–לענ'–טיק) טראנסאטלאנטיש, איבער דעם אטלאנטישען ים; וואס ליעגט אויף יענער זייט פון אטלאנטישען אקעאן; אמעריקאניש; וואס געהט איבער'ן אטלאנטישען אקעאן [ווי א שיף].

transca'lency *n.* (טרענס–קיי'–לען–סי) די דורכלעסיגקייט אדער לייטונגס⸗פעהיגקייט פאר ווארימקייט; די אייגענשאפט דורכצולאזען ווארימקייט.

transca'lent *a.* (טרענס–קיי'–לענט) וואס לאזט דורך ווארימקייט.

transcauca'sian *a.* (טרענס–קאה–קיי'–שיען) פון יענער זייט קאווקאז.

transcend' *v.* (טרען–סענד') אריבערשטייגען; איבערטרעפען; אריבערגעהן, אריבערטרעטען.

transcen'dence *n.* (טרען–סענ'–דענס) איבערשטייגונג; איבערטרייבונג; איבערטרעפונג; פארטרעפליכקייט.

transcen'dency *n.* (טרען–סענ'–דענ–סי) ז. *transcendence*.

transcen'dent *a. and n.* (טרען–סענ'–דענט) וואס שטייגט אריבער דעם העכסטען גראד; אויסערגעוועהנליך, אויסערארדענטליך, עקסטראארדינער; אין פילאזאפיע — טראנסצענדענט, וואס איז למעלה מן השכל, וואס איז העכער פון אירגענד וועלכער שכל'דיגער קאטעגאריע, ווי ארט, צייט, קוואנטיטעט, קוואליטעט א. ד. ג. [ווי די אידעע פון גאט]; א טראנסצענדענץ, א רעאליטעט וואס קען ניט בעשטימט ווערען דורך קיין שכל'דיגער קאטעגאריע; עפעס וואס איז איבער דעם מענשליכען פערשטאנד אדער איבער זיינע בעגריפען; עפעס אויסערגעוועהנליכעס, אויסערארדענטליכעס; אין מאטעמאטיק — א טראנסצענדענטאלער אויסדרוק [א מאטעמאטישער ווערטה וואס קען ניט אויסגעדריקט אדער בעשטימט ווערען דורך אן אלגעבראאישער גלייכונג].

transcenden'tal *a. and n.* (טרען–סען–דענ'–טעל) אין פילאזאפיע — טראנסצענדענטאל, וואס קומט ניט פון ערפאהרונג, אבער ליעגט אין דער ערפאהרונג

און איז נויטיג פאר איהר [ווי די אידעע פון ארט און צייט]; זעהר אבסטראקט; וואס קען ניט בעגריפען ווערען דורך דעם געוועהנליכען דענקען; אונזיניג, אונפערשטענדליך; אין מאטעמאטיק — טראנסצענדענט, וואס קען ניט אויסגעדריקט ווערען דורך אן אלגעבראאישער גלייכונג; א טראנסצענדענץ, עפעס וואס קען ניט בעשטימט ווערען דורך אירגענד וועלכע פון די צעהן אריסטאטעל'ס קאטעגאריען [ז. *categories of Aristotle*].

transcenden'tal cogni'tion (טרענ-סענ-דענ'-טעל קאג-ניש'-אן) דאס טראנסצענדענטאלע וויסען [דאס וויסען אדער ערקענטניס וואס מיר בעקומען ניט פון ערפאהרונג נאר פון שכל, לויט קאנט'ס פילאזאפיע].

transcenden'tal geom'etry (טרענ-סענ-דענ'-טעל דזשי-אמ'-ע-טרי) טראנסצענדענטאלע געאמעטריע, העכערע געאמעטריע, וועלכע ווערט בעהאנדעלט דורך דיפערענציאל און אינטעגראל-רעכנונג.

transcenden'tal ide'alism (טרענ-סענ-דענ'-טעל אי-די'-על-איזם) דער טראנסצענדענטאלער אידעאליזם [די פילאזאפישע טעאריע פון קאנט, דאס די בעגריפען רוים, צייט, קוואנטיטעט, קוואליטעט א. ז. וו. האבען מיר ניט בעקומען דורך ערפאהרונג, נאר זיי זיינען ביי אונז איינגעבארען].

transcenden'talism *n.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איזם) טראנסצענדענטאליזם; אין קאנט'ס פילאזאפיע — די לעהרע, אז די פונדאמענטאלע פרינציפען, דורך וועלכע עס איז מעגליך אונזער ערקענטניס [ווי די אידעען פון ארט, צייט א. ד. ג.], שטאמען ניט פון דער ערפאהרונג, נאר זיי ערשיינען אלס פארמען פון אונזער שכל, ווען ער קומט אין בעריהרונג מיט די "נאומענען", מיט די זאכען פון דער אויסערליכער וועלט; אין שעלינג'ס פילאזאפיע — די לעהרע, אז צווישען דעם סוביעקט און אביעקט, צווישען דעם "איך" און דער וועלט, איז ניטא קיין שום חילוק, און דעריבער איז מעגליך אן אבסאלוטע קענטניס פון מאטעריע און גייסט, פון דער וועלט און גאט; דאס זיין זעהר אבסטראקט אדער טראנסצענדענטאל; דאס זיין פאנטאסטיש; איבערטרעפליכקייט.

transcenden'talist *n.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איסט) א טראנסצענדענטאליסט, אן אנהענגער פון דער טראנסצענדענטאלער פילאזאפיע. ז. *transcendental*

transcenden'talize *v.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-איז) אויסטייטשען פון א טראנסצענדענטאלען שטאנדפונקט, מאכען טראנסצענדענטאל אדער איבערזינליך. ז. *transcendental*

transcenden'tally *adv.* (טרענ-סענ-דענ'-טעל-אי) פון א טראנסצענדענטאלען שטאנדפונקט, ניט זייענדיג בעגרינדעט פון דער ערפאהרונג, נאר דער שכל איז אזוי מחיב; ניט קומענדיג פון ערפאהרונג, איז אבער נויטיג פאר דער ערפאהרונג.

transcenden'tal ob'ject (טרענ-סענ-דענ'-טעל אב'-דזשעקט) אין דער פילאזאפיע פון קאנט — די זאך אן זיך, די זאך ווי זי איז, ניט מאדיפיצירט דורך אונזער ערקענטניס.

transcenden'tal philos'ophy (טרענ-סענ-דענ'-טעל פי-לאס'-א-פי) די טראנסצענדענטאלע פילאזאפיע, די פילאזאפיע פון קאנט. ז. *Kantianism*

transcen'dently *adv.* (טרענ-סענ'-דענט-לי) פארציגליך, פארטרעפליך, אויסערארדענטליך.

transcen'dentness *n.* (טרענ-סענ'-דענט-נעס) ז. *transcendence*

transcen'dible *a.* (טרענ-סענ'-דיבל) וואס מען קען אריבערשטייגען אדער אריבערקריכען.

trans'colate *v.* (טרענס'-קא-לייט) דורכזייען; דורכזיפען.

transcontinen'tal *a.* (טרענס-קאנ-טי-נענ'-טעל) איבער'ן קאנטינענט, פון יענער זייט קאנטינענט. ז. *continental*

transcrib'bler *n.* (טרענ-סקריב'-לער) א נאכלעסיגער איבערשרייבער אדער קאפירער; א קאפירער, א פלאגיאטאר [א ליטערארישער גנב].

transcribe' *v.* (טרענ-סקראיב') איבערשרייבען, קאפירען; איבערשרייבען אדער איבעראַרבייטען מוזיק פאר אן אנדער אינסטרומענט אדער שטימע, ווי די, פאר וועלכע די מוזיק איז געשריבען.

transcri'ber *n.* (טרענ-סקראי'-בער) אן איבערשרייבער, א קאפירער.

tran'script *n.* (טרענ'-סקריפּט) אן איבערגעשריבענע קאפיע; א קאפיע; א נאכאהמונג.

transcrip'tion *n.* (טרענ-סקריפּ'-שאן) די איבערשרייבונג, די קאפירונג; א קאפיע; אין מוזיק — דאס איבערשרייבען א קאמפאזיציע און צופאסען זי פאר אן אנדער אינסטרומענט [אדער שטימע] ווי די, פאר וועלכען זי איז אריגינעל פערפאסט געווארען.

transcrip'tional *a.* (טרענ-סקריפּ'-שאנ-על) וואס איז שייך צו א קאפיע; קאפירענד, איבערשרייבענד.

transcrip'tive *a.* (טרענ-סקריפּ'-טיוו) ווי א קאפיע; איבערשרייבענד, קאפירענד.

transcrip'tively *adv.* (טרענ-סקריפּ'-טיוו-לי) דורך קאפירען, דורך איבערשרייבען.

transduc'tion *n.* (טרענס-דאק'-שאן) דאס אריבערפיהרען; אריבערפיהרונג.

transect' *v.* (טרענ-סעקט') דורכשניידען, דורכשניידען פאר קווער.

transec'tion *n.* (טרענ-סעק'-שאן) א דורכשניט, א קווערער דורכשניט.

tran'sept *n.* (טרענ'-סעפּט) דער קווער אדער קרייץ-פליגעל פון א קירך.

trans'fer *n.* (טרענס'-פויר) אן אריבערטראגונג, אן אריבערפיהרונג [פון איין פלאץ צו א צווייטען]; אן איבערטראגונג [פון א רעכט אדער בעזיץ פון איינעם צו א צווייטען]; דאס וואס ווערט איבערגעטראגען אדער אריבערגעפיהרט; די איבערטראגונג פון א צייכנונג אדער בילד אויף א ליטאגראפישען שטיין; די איבערגעטראגענע צייכנונג; א סאלדאט וואס ווערט אריבערגעפיהרט פון איין רעגימענט אדער קאמפאניע צו א צווייטער; א פונקט אויף אן אייזענבאהן-ליניע, וואו די וואגאנען ווערען אריבערגענומען מיט א פאראם-שיף איבער א טייך; א פונקט, וואו מען געהט איבער פון איין באהן אדער טראמוואי אין א צווייטער, אן ארט וואו מען בייט די אייזענבאהן-ציגע; א פאראם אדער פאראם-שיף אריבערצופיהרען פראכט-וואגאנען; דאס אריבערפיהרען פאסאזשירען און באגאזש מיט וועגען אדער אויטאמאבילען פון איין אייזענבאהן-סטאנציע צו א צווייטער אדער פון אן אייזענבאהן-סטאנציע צו א שיף; א בילעט וואס ווערט ארויסגעגעבען אויף א טראמוואי אדער אייזענבאהן איבערצוגעהן אויף אן אנדער טראמוואי אדער אייזענבאהן פארטצוזעצען די רייזע; אין אמעריקאנער פאסט-אמט — דאס לייהען געלד פון איין קאנטא פאר א צווייטער.

transfer' *v.* (טרענס-פויר') אריבערטראגען, אריבערפיהרען [פון איין ארט צו א צווייטען]; איבערגעבען, איבערטראגען [א רעכט אדער בעזיץ פון איינעם צו א צווייטען]; אריבערטראגען אויף'ן ליטאגראפישען שטיין [וועגען א צייכנונג אדער בילד פון וואס עס דארף געמאכט ווערען א ליטאגראפיע]; אריבערגעהן פון איין טראמוואי אדער אייזענבאהן אין א צווייטער, בייטען די טראמוואיען, בייטען דעם צוג.

transferabil'ity *n.* (טרענס-פויר-ע-ביל'-אי-טי) איבערטראגבארקייט, איבערפיהרבארקייט, דאס זיין מעגליך איבערצוטראגען אדער אריבערצופיהרען.

transfer'able *a.* (טרענס-פויר'-עבל) איבערטראגבאר, וואס קען איבערגעטראגען ווערען; וואס קען אריבערגעפיהרט ווערען; וואס קען איבערגעגעבען ווערען.

trans'fer-book *n.* (טרענס'-פויר-בוק) א בוך צום איינשרייבען די איבערטראגונגען פון קאנטאס, פאנדס א. ד. ג. פון איינעם צום אנדערען.

transferee' *n.* (טרענס-פויר-איע') די פערזאן צו וועמען עס ווערט איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען.

trans'fer-el'evator *n.* (טרענס'-פויר-על'-אי-וויי-טאר) א הויב-מאשין מיט וועלכער מען טראגט איבער משא פון איין שיף אויף א צווייטער.

trans'ference *n.* (טרענס'-פויר-ענס) איבערטראגונג; אריבערפיהרונג; דאס איבערטראגען; דאס אריבערפיהרען.

transferen'tial *a.* (טרענס-פע-רענ'-שעל) איבערטראגענד.

trans'fer-ink *n.* (טרענס'-פויר-אינק) איבערדרוק-טינט, איבערדרוק-טוש [אזא טינט וואס ווערט בענוצט צום איבערטראגען צייכנונגען אדער בילדער אויף'ן ליטאגראפישען שטיין צום דרוקען ליטאגראפיעס].

trans'fer loan (טרענס'-פויר לאון) אן איבערטראגבארע אנלייהע, א הלואה וואס קען איבערגעטראגען ווערען פון איינעם צום צווייטען אדער פון איין פאנד צו אן אנדערען.

transferog'raphy *n.* (טרענס-פע-ראג'-רע-פי) די קונסט צו קאפירען אלטע אינשריפטען אדער איינגראווירונגען פון מצבות, טאפלען א. ד. ג.

trans'fer-pa'per *n.* (טרענס'-פויר-פיי'-פער) איבערדרוק-פאפיער, ליטאגראפיע-פאפיער [אזא פאפיער מיט וועלכען מען טראגט איבער צייכנונגען אדער בילדער אויף דעם ליטאגראפישען שטיין צום דרוקען ליטאגראפיעס].

transfer'rence *n.* (טרענס-פויר'-ענס) ז. *transference*

transfer'rer *n.* (טרענס-פויר'-ער) אן איבערטראגער, אן איבערגעבער; אן אינסטרומענט אדער געצייג צום איבערטראגען אדער צום אריבערפיהרען.

transferribil'ity *n.* (טרענס-פויר-אי-ביל'-אי-טי) ז. *transferability*

transfer'rible *a.* (טרענס-פויר'-איבל) ז. *transferable*

transfer'ror *n.* (טרענס-פויר'-אר) ז. *transferrer*

transfig'urate *v.* (טרענס-פיג'-יו-רייט) ז. *transfigure*

transfigura'tion *n.* (טרענס-פיג-יו-ריי'-שאן) אומגעשטאלטונג, אומבילדונג, געשטאלט-פערוואנדלונג, די איבערבייטונג אדער ענדערונג פון אויסזעהן אדער געשטאלט; די אומגעשטאלטונג פון יעזוס קריסטוס [לויט דעם קריסטליכען גלויבען].

Transfigura'tion *n.* (טרענס-פיג-יו-ריי'-שאן) די אומגעשטאלטונג פון יעזוס קריסטוס [א קריסטליכער יום טוב דעם 6טען אויגוסט].

transfig'ure *v.* (טרענס-פיג'-יור) אומגעשטאלטען, אומבילדען, פערוואנדלען; ענדערען דעם אויסזעהן; מאכען ערהאבען, אידעאליזירען.

transfig'urement *n.* (טרענס-פיג'-יור-מענט) ז. *transfiguration*

transfis'sion *n.* (טרענס-פיש'-אן) א קווער-שניט, א קווערער דורכשניט.

transfix' *v.* (טרענס-פיקס') דורכשטעכען.

transfix'ion *n.* (טרענס-פיק'-שאן) א דורכשטעכונג; דאס דורכשטעכען.

trans'fluent *a.* (טרענס'-פלוה-ענט) דורכפליסענד, אריבערפליסענד.

trans'forate *v.* (טרענס'-פא-רייט) דורכבויערען.

transfora'tion *n.* (טרענס-פא-ריי'-שאן) א דורכבויערונג, דאס דורכבויערען.

transform' *v.* (טרענס-פארם') טראנספארמירען, אומבילדען, איבערמאכען, פערוואנדלען; אומענדערען; זיך ענדערען; פערוואנדלען.

transfor'mable *a.* (טרענס-פאר'-מעבל) וואס קען טראנספארמירט ווערען, אומגעוואנדעלט אדער פערוואנדעלט ווערען.

transforma'tion *n.* (טרענס-פאר-מיי'-שאן) טראנספארמאציאן, אומבילדונג, אומגעשטאלטונג, איבערמאכונג; אומוואנדלונג, פערוואנדלונג אין אן אנדער פארם.

transfor'mative *a.* (טרענס-פאר'-מע-טיוו) וואס האט די נייגונג זיך אומצוואנדלען אדער זיך אומצוענדערען.

transfor'mator *n.* (טרענס-פאר'-מע-טאר) ז. *transformer*

transfor'mer *n.* (טרענס-פאר'-מער) א טראנספארמאטאר, אן עלעקטרישער אפאראט צו פערוואנדלען אן עלעקטרישען שטראם פון הויכער שפאנונג אין א שטראם פון נידריגער שפאנונג.

transfor'mism *n.* (טרענס-פאר'-מיזם) אין ביאלאגיע — טראנספארמיזם, די ענדערונגען אין ארגאניזמען וואס פערוואנדלען איין מין אין א צווייטען, די לעהרע וועגען אויסבילדונגען פון נייע מינים דורך די ענדערונגען פון די ארגאניזמען.

trans'fuge *n.* (טרענס'-פיודזש) א דעזערטיר, אן אנטלאפענער פון מיליטער-דיענסט.

transfu'gitive *n.* (טרענס-פיו'-דזשי-טיוו) ז. *transfuge*

transfund' *v.* (טרענס-פאנד') ז. *transfuse*

transfuse' *v.* (טרענס-פיוז') איבערגיסען פון איין כלי אין אן אנדערער; אין מעדיצין — איבערגיסען דאס בלוט פון די אדערען פון איין פערזאן אין די אדערען פון א צווייטער.

transfu'ser *n.* (טרענס-פיו'-זער) אן איבערגיסער.

transfu'sible *a.* (טרענס-פיו'-זיבל) וואס מען קען איבערגיסען.

transfu'sion *n.* (טרענס-פיו'-זשאן) איבערגיסונג; איבערטראגונג, איבערלייטונג; אין מעדיצין — די איבערגיסונג פון בלוט פון די אדערען פון איין פערזאן אין די אדערען פון א צווייטער.

transfu'sive *a.* (טרענס-פיו'-סיוו) איבערגיסענד, צום איבערגיסען.

transgress' *v.* (טרענס-גרעס') איבערשרייטען, אריבערגעהן; איבערטרעטען; עובר זיין; בעגעהן אן עברה; זינדיגען.

transgress'ible *a.* (טרענס-גרעס'-איבל) וואס קען איבערגעטראטען ווערען; וואס מען קען עובר זיין.

transgres'sion *n.* (טרענס-גרעש'-אן) די איבערטרעטונג פון א געזעץ אדער בעפעהל; א זינד, אן עברה.

transgres'sional *a.* (טרענס-גרעש'-אנ-על) שולדיג, זינדיג.

transgress'ive *a.* (טרענס-גרעס'-איוו) איבערטרעטענד דאס געזעץ, זינדיג, גענייגט צו זינד.

transgress'ively *adv.* (טרענס-גרעס'-איוו-לי) דורך איבערטרעטען אדער עובר זיין; זינדיג; אין געאלאגיע — ניט פאראלעל געלאגערט [וועגען ערד אדער פעלזען-שיכטען].

transgress'or *n.* (טרענס-גרעס'-אר) אן איבערטרעטער; א זינדיגער, א בעל עברה.

transhape' *n.* (טרענ-שייפ') אן אומגעשטאלטונג, אן אומוואנדלונג, אן אומענדערונג פון דער פארם אדער געשטאלט.

tranship' *v.* (טרענ-שיפ') איבערלאדען פון איין שיף אין אן אנדערער אדער פון איין וואגאן אין אן אנדערען; איבערפיהרען אדער איבערזעצען פון איין שיף אין אן אנדערער אדער פון איין וואגען אין אן אנדערען.

tranship'ment *n.* (טרענ-שיפ'-מענט) די איבערלאדונג פון איין שיף אין אן אנדערער אדער פון איין וואגאן אין אן אנדערען.

tran'sience *n.* (טרענ'-שענס) עטוואס פאריבערגעהענדעס אדער פערגענגליכעס.

tran'siency *n.* (טרענ'-שענ-סי) ז. *transience*

tran'sient *a. and n.* (טרענ'-שענט) 1. פאריבערגעהענד, פערגענגליך, ניט פון לאנגער דויער, שנעל; איבערגעהענד פון איינעם צום אנדערען; 2. אין מוזיק — וואס קומט אריין צווישען אדער אין מיטען אלס פערבינדונג [וועגען א נאטע אדער טאן]; 3. עטוואס וואס איז נור צייטווייליג, עטוואס ניט בעשטענדיגעס; 4. עטוואס פאריבערגעהענדעס אדער פערגענגליכעס; 5. א צייטווייליגער גאסט.

5. The hotel accommodates **transients** only.

tran'siently *adv.* (טרענ'-שענט-לי) אין פאריבערגעהן, ניט פון לאנגען דויער, פאר א קורצער צייט.

tran'sientness *n.* (טרענ'-שענט-נעס) פערגענגליכקייט; קורצער דויער.

transillumina'tion *n.* (טרענס-אי-ליו-מי-ניי'-שאן) דורכלייכטונג, דורכשיינונג.

transi're *n.* (טרענס-אי'-רי) א פאסיר-צעטעל אדער צאל-שיין פון א צאלהויז [טאמאזשנע] דורכצולאזען אימפארטירטע סחורה.

tran'sit *n. and v.* (טרענ'-סיט) א דורכגאנג, אן איבערגאנג; דאס דורכגעהן; דאס דורכפיהרען; דאס טראנספארטירען; א טראנספארט-ליניע; א פערקעהר, א פערקעהרס-וועג; א וועג דורכצופאהרען דאס לאנד; אין אסטראנאמיע — דער דורכגאנג פון א הימלישען קערפער פארביי אן אנדער הימלישען קערפער [ווי דער דורכגאנג פון דער לבנה פארביי דער זון בעת א לקוי חמה]; אזא שפאקטיוו-אינסטרומענט צו מעסטען האריזאנטאלע ווינקלען; דורכגעהן די פלעכע פון א הימלישען קערפער.

tran'sit-cir'cle *n.* (טרענ'-סיט-סויר'קל) אן אסטראנאמישער אינסטרומענט צו בעטראכטען דעם דורכגאנג פון א הימלישען קערפער פארביי אן אנדער הימלישען קערפער.

tran'sit-du'ty *n.* (טרענ'-סיט-דיו'-טי) אן אבצאהל אויף סחורה וואס ווערט דורכגעפיהרט דורך איין לאנד אין א צווייטען.

tran'sit-in'strument *n.* (טרענ'-סיט-אינ'-סטרו-מענט) אזא אסטראנאמישער שפאקטיוו צו בעאבאכטען דעם דורכגאנג פון א הימלישען קערפער פארביי אנדערע הימלישע קערפער.

transi'tion *n.* (טרענ-סיש'-אן) 1. דער איבערגאנג פון איין ארט, געגענשטאנד אדער צושטאנד צו אן אנדערען; 2. פערענדערונג; 3. די איבערגאנגס-צייט, די איבערגאנגס-פעריאדע.

1. The last chapter of the book is in reality a **transition** to a second forthcoming volume. 2. We are living in a period of transition.

transi'tional *a.* (טרענ-סיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו דעם איבערגאנג פון איין צושטאנד אדער ארט צו אן אנדערען; וואס בעצייכענט אן איבערגאנג; וואס פערענדערט זיך.

transi'tionally *adv.* (טרענ-סיש'-אנ-על-אי) אלס איבערגאנג, אזוי ווי אן איבערגאנג [פון איין צושטאנד צו א צווייטען], אויף אן איבערגעהענדען אופן.

transi'tionary *a.* (טרענ-סיש'-אנ-ע-רי) ז. *transitional*

tran'sitive *a. and n.* (טרענ'-סי-טיוו) איבערגעהענד; אין גראמאטיק — טראנזיטיוו, איבערגעהענד [וועגען א צייטווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט, וועלכע געהט איבער אויף א געגענשטאנד]; א טראנזיטיווער צייטווארט, א פעל יוצא [א צייטווארט וואס בעצייכענט א טהעטיגקייט וועלכע געהט איבער אויף א געגענשטאנד, צ. ב. זעהן, עסען, שלאגען א. ד. ג.].

tran'sitively *adv.* (טרענ'-סי-טיוו-לי) איבערגעהענדיג, אויף אן איבערגעהענדען אופן.

tran'sitiveness *n.* (טרענ'-סי-טיוו-נעס) דאס זיין איבערגעהענד.

tran'sitive verb (טרענ'-סי-טיוו ווארב) א טראנזיטיווער צייטווארט, א פעל יוצא. ז. *transitive*

transitiv'ity *n.* (טרענ-סי-טיוו'-אי-טי) ז. *transitiveness*

tran'sitorily *adv.* (טרענ'-סי-טא-רי-לי) פערגענגליך, אויף א קורצער ווייל, פון קורצען דויער.

tran'sitoriness *n.* (טרענ'-סי-טא-רי-נעס) פערגענגליכקייט, דאס דויערען א קורצע ווייל.

tran'sitory *a.* (טרענ'-סי-טא-רי) פערגענגליך, וואס דויערט א קורצע ווייל.

tran'sit-trade *n.* (טרענ'-סיט-טרייד) דער פערקעהרס-האנדעל, דער האנדעל מיט סחורות וואס געהען פון איין לאנד אדער געגענד צו א צווייטען.

transla'table *a.* (טרענס-ליי'-טעבל) איבערזעצבאר, וואס קען איבערזעצט ווערען פון איין שפראך אין אן אנדערער;

וואס קען אויסגעדריקט ווערען אין אנדערע ווערטער.

transla'tableness *n.* (טרענס-ליי'-טעבל-נעס) איבערזעצבארקייט, דאס קענען איבערזעצט ווערען אין אן אנדער שפראך.

translate' *v.* (טרענס-לייט') איבערזעצען אין אן אנדער שפראך; אויסדריקען אדער ערקלערען אין אנדערע ווערטער; קלאר מאכען אהן ווערטער; איבערטראגען, איבערשטעלען [פון איין ארט אויף א צווייטען]; אין מעכאניק — איבערזעצען א קערפער אין אן אנדער בעוועגונגס-לאגע; איבערפיהרען פון איין אמט אין א צווייטען; ארויפנעהמען לעבעדיגערהייד אין הימעל; ענדערען די פארם, אומוואנדלען; איבערניצעווען, נעהען שיך אדער קליידער פון אלטען מאטעריאל; איבערשיקען אן ערהאלטענע טעלעגראמע דורך אן אנדער טעלעגראפען-ליניע אדער דורך דיזעלביגע ליניע.

transla'ting-screw *n.* (טרענס-ליי'-טינג-סקרוה) אן איבערשטעל-שרויף [א שרויף אין א מאשין אדער אפאראט וואס ווערט בענוצט איינצושטעלען א געוויסען טייל, אז ער זאל שטימען מיט די אנדערע טיילען].

transla'tion *n.* (טרענס-ליי'-שאן) דאס איבערזעצען; אן איבערזעצונג; אן איבערטראגונג, אן איבערשטעלונג; א פערזעצונג פון איין אמט אין א צווייטען; דאס ארויפנעהמען אין הימעל לעבעדיגערהייד; דאס איבערניצעווען, דאס פאבריצירען פון אלטען מאטעריאל; א בעוועגונג אהן דרעהונג; די איבערשיקונג פון אן ערהאלטענער טעלעגראמע דורך אן אנדער טעלעגראפען-ליניע אדער דורך דערזעלבער ליניע.

transla'tional *a.* (טרענס-ליי'-שאנ-על) איבערזעצענד; וואס איז שייך צו אן איבערזעצונג; איבערטראגענד, איבערשטעלענד.

trans'lative *a.* (טרענס'-ליי-טיוו) איבערזעצענד; איבערטראגענד.

transla'tor *n.* (טרענס-ליי'-טאר) אן איבערזעצער; א לאטוטניק, איינער וואס מאכט שיך פון אלטען מאטעריאל; דער טעלעגראפישער איבערטראגונגס-אפאראט [דער אפאראט מיט וועלכען מען שיקט איבער א טעלעגראמע]; אן אינסטרומענט אדער מאשין צו פערוואנדלען איין פארמע פון ענערגיע אין אן אנדערער [צ. ב. אן עלעקטרישע דינאמא-מאשין וועלכע פערוואנדעלט דאמפף-ענערגיע אין עלעקטרישע].

transla'tors *n.* (טרענס-ליי'-טארז) געטראגענע שיך, וועלכע ווערען פערריכט און צוגעפוצט צום פערקויפען.

trans'latory *a.* (טרענס'-ליי-טא-רי) איבערזעצענד; איבערטראגענד.

transla'tress *n.* (טרענס-ליי'-טרעס) אן איבערזעצערין.

translit'erate *v.* (טרענס-ליט'-ע-רייט) איבערגעבען די אויסשפראכע פון בוכשטאבען אדער ווערטער פון איין שפראך דורך בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translitera'tion *n.* (טרענס-ליט-ע-ריי'-שאן) די איבערגעבונג פון דער אויסשפראכע פון בוכשטאבען אדער ווערטער פון איין שפראך דורך די בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translit'erator *n.* (טרענס-ליט'-ע-ריי-טאר) איינער וואס גיט איבער די אויסשפראכע פון ווערטער פון איין שפראך דורך בוכשטאבען פון אן אנדער שפראך.

translocaliza'tion *n.* (טרענס-לאו-קעל-אי-זיי'-שאן) ז. *translocation*.

translo'cate *v.* (טרענס-לאו'-קייט) איבערשטעלען אויף אן אנדער ארט.

transloca'tion *n.* (טרענס-לא-קיי'-שאן) די איבערשטעלונג אויף אן אנדער ארט.

translu'cence *n.* (טרענס-ליו'-סענס) ז. *translucency*.

translu'cency *n.* (טרענס-ליו'-סענ-סי) דורכזיכטיגקייט; דאס דורכשיינען.

translu'cent *a.* (טרענס-ליו'-סענט) דורכשיינענד; דורכזיכטיג.

translu'cently *adv.* (טרענס-ליו'-סענט-לי) אויף א דורכזיכטיגען אדער דורכשיינענדען אופן.

translu'cid *a.* (טרענס-ליו'-סיד) ז. *translucent*.

translu'nar *a.* (טרענס-לו'-נאר) וואס איז פון יענער זייט אדער הינטער דער לבנה.

trans'lunary *a.* (טרענס'-לו-נע-רי) ז. *translunar*.

transmarine' *a.* (טרענס-מע-רין') וואס איז פון יענער זייט ים.

transme'dian *a.* (טרענס-מי'-די-ען) וואס געהט דורך דער מיטעל-ליניע פון קערפער.

transmerid'ional *a.* (טרענס-מי-ריד'-אי-א-נעל) וואס קרייצט דורך דעם מערידיאן. ז. *meridian*.

trans'migrant *a.* and *n.* (טרענס'-מי-גרענט) איבערוואנדערענד פון איין לאנד אין אן אנדערען; אויסוואנדערענד; אן אויסוואנדערער, אן איבערוואנדערער, אן עמיגראנט; א גלגול, איינער וואס געהט איבער אין אן אנדער צושטאנד אדער אין אן אנדער קערפער.

trans'migrate *v.* (טרענס'-מי-גרייט) איבערוואנדערען, אויסוואנדערען; איבערגעהן פון איין קערפער אין אן אנדערען.

transmigra'tion *n.* (טרענס-מי-גריי'-שאן) די איבערוואנדערונג, די אויסוואנדערונג; גלגול הנפש, דאס מגולגל ווערען פון דער נשמה אין אן אנדער קערפער אדער בעשעפעניש.

transmigra'tionism *n.* (טרענס-מי-גריי'-שאנ-איזם) דאס גלויבען אין גלגול הנפש, אז די נשמה פון א מענשען נאך זיין טויט ווערט מגולגל אין אן אנדער קערפער.

trans'migrator *n.* (טרענס'-מי-גריי-טאר) אן איבערוואנדערער, אן אויסוואנדערער.

transmi'gratory *a.* (טרענס-מאי'-גריי-טא-רי) איבערוואנדערענד, אויסוואנדערענד; מגולגל ווערענדיג.

transmissibil'ity *n.* (טרענס-מיס-אי-ביל'-אי-טי) די איבערטראגבארקייט, די איבערגעבליכקייט, די מעגליכקייט איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען צו ווערען צו אן אנדערען.

transmis'sible *a.* (טרענס-מיס'-איבל) איבערטראגבאר, איבערגעבליך, וואס קען איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען ווערען צו אן אנדערען.

transmis'sion *n.* (טרענס-מיש'-אן) די איבערטראגונג, די איבערגעבונג; די איבערזענדונג, די איבערשיקונג; אין ביאלאגיע — דאס איבערגעהן בירושה [ווען די אייגענשאפטען פון די עלטערען וואס געהען איבער צו די קינדער]; אין פיזיק — דאס דורכגעהן [ווי א שטראהל געהט דורך דורך גלאז]; א טראנסמיסיאן [די פארריכטונג אריבערצוטראגען די בעוועגונג פון א מאטאר צו די רעדער פון א מאשין (ווי ביי אויטאמאבילען, טראמוואי-וואגאנען, פאבריק-מאשינען א. ד. ג.)].

transmis'sive *a.* (טרענס-מיס'-איוו) איבערגעטראגען, איבערגעגעבען; איבערגעשיקט; וואס קען איבערגעגעבען אדער איבערגעשיקט ווערען.

transmit' *v.* (טרענס-מיט') איבערטראגען, איבערגעבען צו אן אנדערען; איבערשיקען; דורכפיהרען, מאכען עס זאל דורכגעהן.

transmit'table *a.* (טרענס-מיט'-עבל) וואס קען איבערגעטראגען אדער איבערגעגעבען ווערען.

transmit'tal *n.* (טרענס-מיט'-על) איבערטראגונג, איבערגעבונג.

transmit'tance *n.* (טרענס-מיט'-ענס) דאס איבערגעבען, דאס איבערטראגען.

transmit'ter *n.* (טרענס-מיט'-ער) אן איבערמאכער, אן איבערטראגער אדער איבערגעבער; אן איבערשיקער.

transmit'tible *a.* (טרענס-מיט'-איבל) ז. *transmissible*.

transmogrifica'tion *n.* (טרענס-מאג-רי-פי-קיי'-שאן) די פערוואנדלונג, דאס פערוואנדלען אין אן אנדער פערזאן אדער זאך, ווי דורך מאגיק [א הומאריסטישער אויסדרוק].

transmog'rify *v.* (טרענס-מאג'-רי-פאי) פערוואנדלען אין אן אנדער פערזאן אדער זאך [א הומאריסטישער אויסדרוק].

transmontane' *a.* (טרענס-מאנ-טיין') איבער'ן בארג, אויף יענער זייט בארג, הינטער'ן בארג.

transmor'phism *n.* (טרענס-מאהר'-פיזם) טראנסמארפיזם, די טראנספארמאציאן אדער די פערוואנדלונג פון איין זאך אין אן אנדערער.

transmutabil'ity *n.* (טרענס-מיו-טע-ביל'-אי-טי) פערוואנדעלבארקייט, דאס קענען פערוואנדעלט ווערען אין אן אנדער זאך.

transmu'table *a.* (טרענס-מיו'-טעבל) פערוואנדעלבאר, וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין אן אנדער זאך.

transmu'tableness *n.* (טרענס-מיו'-טעבל-נעס) ז. *transmutability*.

transmu'tably *adv.* (טרענס-מיו'-טע-בלי) דורך פערוואנדלונג, דורך דער פעהיגקייט פערוואנדעלט צו ווערען אין אן אנדער זאך.

transmuta'tion *n.* (טרענס-מיו-טיי'-שאן) די פערוואנדלונג; אין אלכעמיע — די פערוואנדלונג פון ביליגע מעטאלען אין טייערע, ווי אין גאלד און זילבער; אין געאמעטריע — די אומענדערונג פון איין קערפער אדער פיגור אין אן אנדערער [ווי דאס מאכען פון א דריי-עק א קוואדראט]; אין ביאלאגיע — די אומענדערונג פון א מין, טראנספארמיזם [ז. *transformism*]; אבוועקסלונג, דאס בייטען זיך, דאס פאלגען איינער איבער דעם אנדערען [אזוי, אז פריהער געהט דער ערשטער, נאכדעם דער צווייטער, דערנאך ווידער דער ערשטער א. ז. וו.].

transmuta'tionist *n.* (טרענס-מיו-טיי'-שאנ-איסט) א טראנספארמיסט, אן אנהענגער פון דער לעהרע וועגען טראנספארמיזם [ז. *transformism*]; איי-

נער, וועלכער גלויבט אין דער מעגליכקייט צו פערוואנדלען בילינע מעטאלען אין גאלד און זילבער, אן אלכעמיקער.

transmu'tative *a.* (טרענס-מיו'-טע-טיוו) וואס פערוואנדעלט אדער פערענדערט; וואס כאראקטעריזירט זיך דורך טראנספארמיזם אדער פערוואנדלונג אין אן אנדער פארם.

transmute' *v.* (טרענס-מיוט') פערוואנדלען, פערענדערען.

transmu'ted *a.* (טרענס-מיו'-טעד) פערוואנדעלט אין אן אנדער קערפער אדער פארם.

transmu'ter *n.* (טרענס-מיו'-טער) א פערוואנדלער, א פערענדערער.

transna'ture *v.* (טרענס-ניי'-טשור) אומוואנדלען די נאטור אדער די טבע.

transnor'mal *a.* (טרענס-נאהר'-מעל) איבערנארמאל, מעהר ווי נארמאל.

transocean'ic *a.* (טרענס-או-שי-ענ'-איק) וואס ליגענט אויף יענער זייט פון אקעאן; וואס שניידט דורך, פליהט דורך אדער פאהרט דורך דעם אקעאן.

tran'som *n.* (טרענ'-סאם) אין ארכיטעקטור — א קוווער-באלקען, א קוווער-ריגעל; א קוווער-שטאב; דער קוווער-באלקען איבער א טהיר אדער פענסטער; א פענסטער איבער דעם אויבערשטען קוווער-באלקען פון א טהיר; איינע פון די אויבערשטע קוווער-באלקענס אין דעם הינטער-טייל פון א שיף.

tran'som-win'dow *n.* (טרענ'-סאם-הווינ'-דאו) א פענסטער איבער דעם אויבערשטען קוווער-באלקען פון א טהיר.

transpa'dane *a.* (טרענס-פיי'-דיין) וואס ליגענט אויף דער אנדערער זייט פון דעם טייך פא אין איטאליען [צו צפון-זייט פון דער שטאדט רוים].

Transpa'dane Repub'lic (טרענס-פיי'-דיין רי-פאב'-ליק) די לאמבארדישע רעפובליק אין איטאליען, וועלכע נאפאלעאן דער ערשטער האט געגרינדעט אין יאהר 1796.

transpar'ence *n.* (טרענס-פעהר'-ענס) ז. *transparency*.

transpar'ency *n.* (טרענס-פעהר'-ענ-סי) דורכזיכטיגקייט; א טראנספאראנט, א בילד אדער אויפשריפט אויף דורכזיכטיגער מאטעריע, א ראהם מיט אויפשריפטען בעלויכטען פון אינוועניג.

transpar'ent *a. and n.* (טרענס-פעהר'-ענט) דורכזיכטיג; וואס לאזט דורך ליכטשטראהלען; וואס מען קען זעהן דורך און דורך, קלאר, פערשטענדליך; ליכטיג, העל; א קלייד פון א לייכטען דורכזיכטיגען שטאף, וואס ווערט נעטראגען איבער אן אנדערען רייך-געפוצטען קלייד.

transpar'ently *adv.* (טרענס-פעהר'-ענט-לי) אויף א דורכזיכטיגען שטייגער; זעהר קלאר, דורכזיכטיג.

transpar'entness *n.* (טרענס-פעהר'-ענט-נעס) דורכזיכטיגקייט.

transpe'ciate *v.* (טרענ-ספי'-שי-אייט) פערוואנדלען אין אן אנדער מין.

transpecia'tion *n.* (טרענ-ספי-שי-איי'-שאן) די פערוואנדלונג אין אן אנדער מין.

transpic'uous *a.* (טרענ-ספיק'-יו-אס) דורכשיינענד, דורכזיכטיג.

transpierce' *v.* (טרענס-פיערס') דורכשטעכען; דורכדרינגען.

transpir'able *a.* (טרענ-ספאיר'-עבל) וואס קען אויסגעדונסטעט ווערען; וואס קען ארויסקומען אלס שוויים.

transpira'tion *n.* (טרענ-ספי-ריי'-שאן) די אויסדונסטונג; דאס שווייסען, דאס אויסשוויצען.

transpir'atory *a.* (טרענ-ספאיר'-ע-טא-רי) אויסדונסטענד.

transpire' *v.* (טרענ-ספאיר') 1. זיך אויסדונסטען; אויסדונסטען, אויספארען; 2. ארויסקומען, בעקאנט ווערען.

2. Afterwards it **transpired** that the battle was fought after peace had been established.

transplace' *v.* (טרענס-פלייס') איבערזעצען אין אן אנדער פלאץ; איבערשטעלען; איבערטראגען.

transplant' *v.* (טרענס-פלענט') איבערפלאנצען- איבערזעצען [אין אן אנדער ארט].

transplan'table *a.* (טרענס-פלענ'-טעבל) וואס קען איבערגעזעצט ווערען אין אן אנדער ארט.

transplanta'tion *n.* (טרענס-פלענ-טיי'-שאן) די איבערפלאנצונג, די איבערזעצונג [אין אן אנדער ארט]; אין כירורגיע — דאס איבערזעצען א שטיקעל לעבעדיג פלייש פון איין קערפער-טייל צו אן אנדערען [ווי ביי געוויסע אפעראציאנען]; א כלומר'שדיגע מעטאדע צו היילען א קראנקהייט דורך איבערטראגען איהר פון דער קראנקער צו א געזונטער פערזאן.

transplan'ter *n.* (טרענס-פלענ'-טער) אן איבערזעצער, אן איבערפלאנצער; א מאשין איבערצוטראגען בוימער.

transplan'ting *n.* (טרענס-פלענ'-טינג) דאס איבערפלאנצען, דאס איבערזעצען; דאס וואס ווערט איבערגעפלאנצט אדער איבערגעזעצט.

transplen'dency *n.* (טרענ-ספלענ'-דענ-סי) אן אויסערגעוועהנליך שטארקער גלאנץ.

transplen'dent *a.* (טרענ-ספלענ'-דענט) זעהר גלענצענד; מיט אן אויסערגעוועהנליך שטארקען גלאנץ.

transplen'dently *adv.* (טרענ-ספלענ'-דענט-לי) מיט אן אויסערגעוועהנליכען גלאנץ.

transponibil'ity *n.* (טרענס-פאו-ני-ביל'-אי-טי) דאס קענען איבערגעטראגען אדער איבערגעשטעלט ווערען. ז. *transpose*.

transpo'nible *a.* (טרענס-פאו'-ניבל) ז. *transposable*.

transpon'tine *a.* (טרענס-פאנ'-טין) וואס געפינט זיך אויף יענער זייט פון בריק.

transport' *v.* (טרענס-פאורט') טראנספארטירען, איבערפיהרען, איבערברייגגען; אוועקשיקען; פערשיקען צו צוואנג-ארבייט אדער קאטארגע; ארויסברייגגען פון די כלים, מאכען אויסער זיך.

trans'port *n.* (טרענס'-פאורט) דער טראנספארט, די אוועקשיקונג; די איבערטראגונג; א שיף וואס דיענט איבערצופיהרען סאלדאטען ארער פראוויאנט; א פעראורטיילטער צום פערשיקען; א פערשיקטער; א צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג אדער ענטציקונג: עקסטאז.

transportabil'ity *n.* (טרענס-פאור-טע-ביל'-אי-טי) דאס קענען טראנספארטירט אדער אריבערגעטראגען ווערען.

transpor'table *a.* (טרענס-פאור'-טעבל) וואס קען טראנספארטירט אדער אוועקגעשיקט ווערען; וואס דארף פעראורטיילט ווערען צום פערשיקען [ווי אויף קאטארזשנע ארבייט].

transpor'tal *n.* (טרענס-פאור'-טעל) ז. *transportation*.

transporta'tion *n.* (טרענס-פאר-טיי'-שאן) די איבערשיקונג, די אוועקשיקונג; די איבערטראגונג, די איבערגעבונג; דאס פערשיקען צו צוואנג-ארבייט; דאס ארויסגעהן פון די כלים, דאס זיין אויסער זיך; עקסטאז, א צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג.

transpor'tedness *n.* (טרענס-פאור'-טעד-נעס) דאס זיין אויסער זיך [פון פרייד אדער ענטריסטונג].

transportee' *n.* (טרענס-פאר-טיע') אין אויסטראליען — א פערשיקטער.

transpor'ter *n.* (טרענס-פאור'-טער) א טראנספארטירער, אן איבערשיקער, אן איבערטראגער.

transpor'ting *a.* (טרענס-פאור'-טינג) אויסער זיך פון בעגייסטערונג אדער ענטציקונג, אין עקסטאז.

transpor'tingly *adv.* (טרענס-פאור'-טינג-לי) זייענדיג אויסער זיך; אין צושטאנד פון העכסטער בעגייסטערונג אדער ענטציקונג.

trans'port-ship *n.* (טרענס'-פאורט-שיפ) א טראנספארט-שיף, א שיף צו טראנספארטירען סאלדאטען, פראוויאנט א. ד. ג.

trans'port-ves'sel *n.* (טרענס'-פאורט-וועס'-על) ז. *transport-ship*.

transpo'sable *a.* (טרענס-פאו'-זעבל) וואס קען איבערגעשטעלט ווערען אזוי, אז די זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער.

transpo'sal *n.* (טרענס-פאו'-זעל) די איבערשטעלונג אזוי, אז די זאכען בייטען זיך מיט די ערטער.

transpose' *v.* (טרענס-פאוז') איבערשטעלען, מאכען אז צוויי אדער עטליכע זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער; אין אלגעברא — איבערטראגען טיילען פון א גלייכונג פון איין זייט צו דער צווייטער; אין רעטאריק — בייטען דעם סדר פון די ווערטער אין א זאץ; אין מוזיק — בייטען דעם טאן.

transpo'ser *n.* (טרענס-פאו'-זער) איינער וואס טראגט איבער אדער שטעלט איבער אזוי, אז די זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער.

transpo'sing *a.* (טרענס-פאו'-זינג) וואס דיענט איבערצוטראגען אדער איבערצושטעלען אזוי, אז די זאכען זאלען זיך אומבייטען מיט די ערטער.

transposi'tion *n.* (טרענס-פא-זיש'-אן) די אומשטעלונג, די אומבייטונג מיט די ערטער.

transposi'tional *a.* (טרענס-פא-זיש'-אנ-על) וואס איז שייך צו אומשטעלונג אדער אומבייטונג מיט די ערטער.

transpos'itive *a.* (טרענס-פאז'-אי-טיוו) אומשטעלענד, אומבייטענד; וואס איז נעמאכט דורך איבערטראגונג אדער איבערשטעלונג.

transpos'itively *adv.* (טרענס-פאז'-אי-טיוו-לי) דורך אומשטעלונג, דורך איבערטראגונג.

transpos'itor *n.* (טרענס-פאז'-אי-טאר) ז. *transposer*.

transprint' *v.* (טרענס-פרינט') אין דרוקעריי — פערדרוקען, דרוקען ניט אין דעם ריכטיגען ארט.

transprose' *v.* (טרענס-פראוז') איבערמאכען א געדיכט אין פראזע.

transsepul'chral *a.* (טרענס-סי-פאל'-קרעל) נאך'ן טויט.

transshape' *v.* (טרענס-שייפ') פערוואנדלען אין אן אנדער געשטאלט, טראנספארמירען.

transship' *v.* (טרענס-שיפ') ז. *tranship*.

transship'ment *n.* (טרענס-שיפ'-מענט) ז. *transhipment*.

transubstan'tiate *v.* (טרענ-סאב-סטענ'-שי-אייט) פערוואנדלען אין אן אנדער סובסטאנץ אדער וועזען; אין טעאלאגיע — פערוואנדלען דאס ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל אין פלייש און בלוט פון יעזוס קריסטוס.
ז. *transubstantiation*.

transubstantia'tion *n.* (טרענ-סאב-סטענ-שי-איי'-שאן) טראנסובסטאנציאציאן, די ווירקליכע פערוואנדלונג פון ברויט און וויין פון הייליגען אבענדמאהל אין פלייש און בלוט פון יעזוס קריסטוס [א דאגמא פון דער קאטוילישער און פראוואסלאווער קירכען אין געגענזאץ צו דער לעהרע פון דער פראטעסטאנטישער קירך, אז דיעזע פערוואנדלונג איז ניט קיין ווירקליכע, נאר בלויז א סימבאלישע].

transuda'tion *n.* (טרענ-סיו-דיי'-שאן) די דורכשוויצונג.

transu'datory *a.* (טרענ-סיו'-דיי-טא-רי) דורכשוויצענד.

transude' *v.* (טרענ-סיוד') דורכשוויצען, אויסשוויצען.

transump'tion *n.* (טרענ-סאמפ'-שאן) דאס אריבערנעהמען פון איין פלאץ צו אן אנדערען.

transump'tive *a.* (טרענ-סאמפ'-טיוו) וואס איז איבערגעטראגען פון איין זאך אויף א צווייטער; מעטאפאריש [ז. *metaphoric*].

transva'sate *v.* (טרענס-וויי'-סייט) ז. *transvase*.

transvase' *v.* (טרענס-וויס') איבערגיסען אין אן אנדער כלי.

transver'sal *a. and n.* (טרענס-וואיר'-סעל) קווער; וואס ליעגט אין דער ברייט; אין געאמעטריע — א טראנסווערזאלע, א ליניע וואס שניידט דורך עטליכע אנדערע ליניעס; אין אנאטאמיע — א מוסקול וואס ליעגט קווער צו אנדערע מוסקולען.

transversa'lis *n.* (טרענס-וואיר-סיי'-ליס) אין אנאטאמיע — איינער פון עטליכע פערשיעדענע מוסקולען, וואס ליעגען אין דער ברייט פון געוויסע קערפערטיילען.

transversal'ity *n.* (טרענס-וואיר-סעל'-אי-טי) דאס זיין קווער; דאס ליעגען אין דער ברייט.

transver'sally *adv.* (טרענס-וואיר'-סעל-אי) זייענדיג קווער; ליעגענדיג אין דער ברייט.

transverse' *a., adv., n. and v.* (טרענס-וואירס') קווער, וואס ליעגט אין דער ברייט; אין אנאטאמיע — ברייטער איידער לענגער [וועגען קערפערטיילען וואס ליעגען אין דער ברייט פון אנדערע קערפערטיילען]; א קערפערטייל וואס ליעגט קווער צו אן אנדער קערפערטייל; איבערקעהרען מיט'ן קאפ אראב; איבערבייטען, אומענדערען.

transverse'ly *adv.* (טרענס-וואירס'-לי) אין א קווער-ריכטונג; ליעגענדיג אדער ציהענדיג זיך אין דער ברייט.

transver'sus *n.* (טרענס-וואיר'-סאס) אין אנאטאמיע — א קווער-ליעגענדער מוסקול.

Transylva'nian *a. and n.* (טרענ-סיל-וויי'-ני-ען) וואס איז שייך צו טראנסילוואניע [דער דרום-מזרח טייל פון אונגארן]; א בירגער אדער אן איינוואוינער פון טראנסילוואניע.

trap *n. and v.* (טרעפ) א פאסטקע, א נעץ; אזא פאררוכטונג צו פערהאלטען עפעס און פלוצלונג ארויסלאזען אין דער לופט צו שיסען אין דעם [ווי די, וועלכע לערנען זיך צו שיסען פויגלען, טהוען עס מיט לעבעדיגע טויבען]; א טייל פון א קאנאליזאציאנס-רעהר אדער פון א וואטער-קלאזעט וואס איז אויסגעבויגען אין דער פארם פון א U און איז אלע מאל אנגעפילט מיט וואסער, כדי ניט צו דערלאזען אז די שטינקענדע גאזען זאלען ארויפקומען; אזא באלשפיעל [ז. *trap-ball*]; א פאל-טהיר [א טהיר וואס הויבט זיך אויף און פאלט ארונטער, ווי איז א פאדלאגע]; א קארעטע אויף רעסארען; עפעס וואס וואקעלט זיך, א געבויידע אויף היהנערשע פיסלעך; א שפיצעל אריינצונארען איינעם אין זאק; א פאליציסט, א פאליציישער; אין געאלאגיע—דער טראפ [א שווארצער זיילענארטיגער פעלז פון וואולקאנישער אבשטאמונג]; אריינכאפען אין פאסטקע; ארייננארען אין זאק; האלטען עפעס אין אזא פארריכטונג און פלוצלונג ארויסלאזען אין דער לופט צו שיסען אין דעם; פערהאלטען דעם שטראם פון שטינקענדע גאזען אין א קאנאליזאציאנס-רעהר דורך אויסבויגען א טייל פון רעהר אין דער פארם פון א U; לעגען א פאסטקע; זיך אבשטעלען, ניט ארויפגעהן [וועגען דעם שטראם פון גאזען אין א קאנאליזאציאנס-רעהר]; ציערען, אויספוצען, בעהענגען מיט ציערונגען [ווי א געשפאן פון א פערד].

trapan'ner *n.* (טרע-פענ'-ער) א פאנגער, איינער וואס כאפט אריין אין נעץ; א פערפיהרער, א בעטריגער.

trap'-ball *n.* (טרעפ'-באהל) שלאג-באל שפיעל, א באלשפיעל, וואו דער באל ווערט געלעגט אויף איין ענד פון א העלצעל, וואס באלאנסירט אויף אן אקס און שפרינגט אב, ווען מען קלאפט אב מיט א שטעקעל דעם אנדערען ענד פון דעם העלצעל.

trap'-door *n.* (טרעפ'-דאור) א פאל-טהיר [א טהיר אין א דאך אדער פאדלאגע וואס הויבט זיך אויף און פאלט ארונטער].

trape *v.* (טרייפ) זיך ארומשלייען, זיך ארומשלעפען אהן א ציעל.

trapes *n. and v.* (טרייפס) א שמוציגע פרוי, א שלומפער; אן ארומשלעפעדיגע, א באסיאק; זיך ארומשלייען, זיך ארומשלעפען.

trap'ezate *a.* (טרעפ'-אי-זייט) ז. *trapeziform*.

trapeze' *n.* (טרע-פיז') א טראפעצע, א שטעקען וואס איז פון ביידע זייטען אנגעבונדען אויף הענגענדע שטריק פאר גימנאסטישע איבונגען און קונצען; אין געאמעטריע — א טראפעציום [ז. *trapezium*].

trape'zian *a.* (טרע-פי'-זשיען) וואס האט אונרעגעלמעסיגע פיער-עקיגע זייטענפלעכען [וועגען געוויסע קריסטאלען].

trape'ziform *a.* (טרע-פי'-זי-פארם) וואס האט די פארם פון א טראפעץ [טראפעציום]. ז. *trapezium*.

trape'zium *n.* (טרע-פי'-זי-אם) אין געאמעטריע — א טראפעץ [טראפעציום], א געאמעטרישע פיער-עקיגע פיגור וואס צוויי פון איהרע זייטען זיינען פאראלעל און די אנדערע צוויי ניט; אין אנאטאמיע — דאס קליינע פיער-עקיגע ביינדעל צווישען דעם האנד-געלענק און דעם גראבען פינגער.

trap'ezoid *n. and a.* (טרעפ'-אי-זאיד) א טראפעזאיד, א געאמעטרישע פיער-עקיגע פיגור וואס קיינע צוויי פון איהרע זייטען זיינען פאראלעל; וואס איז עהנליך צו א טראפעזאיד.

Trapezoid

trapezoi'dal *a.* (טרעפ-אי-זאי'-דעל) וואס האט די פארם פון טראפעזאיד. ז. *trapezoid*.

trap'fall *n.* (טרעפ'-פאהל) א פאל-טהיר, וואס איז געמאכט אזוי, דאס זי עפענט זיך אונטער די פיס און דער מענש פאלט דורך.

trap'-hole *n.* (טרעפ'-האול) א פאל-גרוב [א גרוב וואס פערמאכט זיך מיט א פאל-טהיר. ז. *trap-door*].

trap'-hook *n.* (טרעפ'-הוק) א מין האקען מיט א פרושינע צו פאנגען פיש.

trap'pean *a.* (טרעפ'-אי-ען) וואס איז שייך צו טראפ [א מין שווארצער שטיין].

trap'per *n.* (טרעפ'-ער) איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט שטעלען פאסטקעס צו כאפען חיות; אין קויהלען-שאכטען — איינער וואס עפענט די טהירלעך פון די גאלערעען דורכצולאזען די קויהלען-וועגלעך.

trap'ping *n.* (טרעפ'-אינג) דאס שטעלען פאסטקעס צו פאנגען חיות; דאס מאכען א פארריכטונג אין א קאנאליזאציאנס-רעהר, וועלכע דערלאזט ניט ארויסצוגעהן שטינקענדע גאזען [ז. *trap*]; א קאסטבארע פערציערונג פון א פערד'ס שפאנגעציינג.

trap'pings *n.* (טרעפ'-אינגז) קאסטבארע פערציערונגען פון א פערד'ס שפאנגעציינג.

Trap'pist *n. and a.* (טרעפ'-איסט) א טראפיסט [א מיטגליעד פון אן אסקעטישען מאנאכען-ארדען וועלכער האט זיך געגרינדעט אין פראנקרייך און האט זיך פערשפרייט אין אנדערע לענדער. די טראפיסטען פלעגען געהען אהן העמדער, פלעגען זיך ערנעהרען בלויז מיט רייז און קארטאפלעס און פלעגען שטרענג אבהיטען דעם נדר פון שווייגען]; וואס איז שייך צו די טראפיסטען.

trap'pistine *n.* (טרעפ'-איס-טין) טראפיסטין, אזא זיסער שנאפס וואס ווערט פראדוצירט אין איינעם פון די מאנאסטירען פון די טראפיסטען. ז. *Trappist*.

trap'poid *a.* (טרעפ'-איד) עהנליך צו טראפ [אזא שווארצער שטיין].

trap'pose *a.* (טרעפ'-אוס) ז. *trappean*.

trap'pous *a.* (טרעפ'-אס) ז. *trappean*.

trap'-rock *n.* (טרעפ'-ראק) אזא טראפ [שווארצער שטיין].

traps *n.* (טרעפס) זאכען, באגאזש.

trap'-stair *n.* (טרעפ'-סטעהר) א טרעפ אדער לייטער וואס פיהרט צו א פאל-טהיר.

trap'-stick *n.* (טרעפ'-סטיק) א שטאק וואס ווערט בענוצט אין שלאג-באל שפיעל. ז. *trap-ball*.

trap'-valve *n.* (טרעפ'-וועלוו) א ווענטיל אדער קלאפע אין א קאנאליזאציאנס-רעהר.

trash *n. and v.* (טרעש) מיסט, בלאטע; ווערטהלאזע זאכען; צובראכענע שטיקלעך, אבגעשניטענע צווייגלעך; א נידריגער מענש, א געמיינער יונג; א זאק וואס איז צוגעבונדען צום האלז פון א הונד אדער פון אן אנדער חיה ניט צו דערלאזען זי ארומצולויפען, שפרינגען א. ד. ג.; א שווערינקייט, א מניעה, א הינדערניס; בעשניידען [א בוים]; אבטראגען, אבניצען; צורייסען, צוברעכען; ערנידריגען, שלעכט בעהאנדלען; צוריקהאלטען.

trash'ery *n.* (טרעש'-ער-אי) מיסט, בלאטע.

trash'-house *n.* (טרעש'-האוס) א געביידע אין א צוקער־פאבריק וואו מען לעגט אב די אויסגעקוועטשטע צוקער־ראהר אדער צוקער־שטעקלעך צום הייצען.

trash'-ice *n.* (טרעש'-אים) צובראכענע אייז געמישט מיט וואסער.

trash'ily *adv.* (טרעש'-אי-לי) מיסטיג, בלאטיג.

trash'iness *n.* (טרעש'-אי-נעס) מיסטיגקייט, בלאטיגקייט.

trash'trie *n.* (טרעש'-טרי) מיסט, בלאטע; ווערטהלאזע זאכען.

trash'y *a.* (טרעש'-אי) מיסטיג, בלאטיג; שלעכט, פאסקודנע; נוצלאז; אונבעדייטענד.

trass *n.* (טרעס) דער טראס [א מין גרויער פעלזען־שטיין].

trattori'a *n.* (טרעט-טא-רי'-א) אן איטאליענישע גארקיך.

trau'ma *n.* (טראה'-מא) א וואונד אויף'ן קערפער דורך א קלאפ אדער דורך אן אנדער אויסערליכער אורזאכע.

traumat'ic *a. and n.* (טראה-מעט'-איק) וואס געהערט צו א וואונד; וואס שטאמט פון א וואונד; וואס ווערט בענוצט צו היילען א וואונד; א רפואה פאר א וואונד.

traumat'icin *n.* (טראה-מעט'-אי-סין) אזא רפואה וואס דיענט צוזאמענצוציהען א וואונד.

trau'matism *n.* (טראה'-מע-טיזם) א קרענקליכער צושטאנד, וואס ווערט פערורזאכט דורך א וואונד.

trav'ail *v. and n.* (טרעוו'-אייל) ארבייטען; הארעווען, זיך מאטערען; זיך פלאגען, געהן צו קינד; מיה; געבורט־שמערצען; אזא טראנספארט־מיטעל ביי די נארד־אמעריקאנישע אינדיאנער וואס בעשטעהט פון צוויי לאנגע שטאנגען, אויף וועלכע מען לעגט ארויף משא. איין ענד פון דיזע שטאנגען ווערען צוגעבונדען צו א פערד און דער צווייטער ענד שלעפט זיך איבער דער ערד.

trave *n.* (טרייוו) א קווער־באלקען; אזא פענטע צו לערנען פערד געהן מיט גלאטע לאנגזאמע טריט.

trav'el *v. and n.* (טרעוו'-על) רייזען, ארומפאהרען; אין מעכאניק — דורכגעהן אדער דורכלויפען א געוויסע שטרעקע; געהן, וואנדערען; דורכרייזען; טרייבען פון ארט צו ארט; א רייזע, א נסיעה; אין מעכאניק — די לענג וואס אן אבגעשטויסענער קערפער לויפט אב; דער גאנג, די בעוועגונג, דער פארשריט.

trav'eled *a.* (טרעוו'-עלד) גערייזט; וואס האט דורכגעמאכט א ווייטע נסיעה; ערפאהרען, געניט; בעארבייט [וועגען לאנד].

trav'eler *n.* (טרעוו'-על-ער) א רייזענדער; א רייזענדער געשעפטס־אגענט [איינער וואס רייזט פאר א געשעפט צו מאכען בעשטעלונגען]; עפעס וואס שניידט דורך אדער וואס ליעגט קווער צו אן אנדער זאך.

trav'eler's-joy *n.* (טרעוו'-על-ערז-דזשאי) די וואלדרעבע [א מין גראז־ארטיגע פלאנצע מיט ווייסע בלומען].

trav'eling *a. and n.* (טרעוו'-על-אינג) רייזענד, ארומפאהרענד; בעוועגליך; דאס רייזען, דאס ארומפאהרען; דער דורכגאנג, די בעוועגונג.

trav'eling-bag *n.* (טרעוו'-על-אינג-בעג) א רייזע־טאש; א טשעמאדאן, א סאקוואיאזש.

trav'eling-cap *n.* (טרעוו'-על-אינג-קעפ) א רייזע־היטעל, א ווייך היטעל וואס ווערט געטראגען פון רייזענדע.

trav'eling-car'riage *n.* (טרעוו'-על-אינג-קער'-אידזש) א גרויסער וואגען, א בוד, א דיליזשאנס.

trav'eling-chest *n.* (טרעוו'-על-אינג-טשעסט) א רייזע־קאסטען, א גרויסער קאסטען אדער טשעמאדאן פאר רייזענדע.

trav'eling-couvert' *n.* (טרעוו'-על-אינג-קוה-ווייר') א גאנג פון טיש־געשיר, ווי גאפלען, לעפעל, מעסערס א. ז. וו., וואס ווערען אזוי געפאקט, דאס מען זאל קענען זיי מיטפיהרען אין א רייזע.

trav'eling-dress *n.* (טרעוו'-על-אינג-דרעס) א רייזע־מאנטעל.

trav'elled *a.* (טרעוו'-עלד) ז. *traveled*.

trav'eller *n.* (טרעוו'-על-ער) ז. *traveler*.

trav'elling *a. and n.* (טרעוו'-על-אינג) ז. *traveling*.

trav'el on the con'tinent (טרעוו'-על אן טהי קאנ'-טי-נענט) רייזען איבער אייראפא.

trav'el out of the rec'ord (טרעוו'-על אוט אוו טהי רעק'-ארד) אראבגעהן פון עניין, רעדען ניט צום פונקט.

trav'el-soiled *a.* (טרעוו'-על-סאילד) ז. *travel-stained*.

trav'el-stained *a.* (טרעוו'-על-סטיינד) מיט פערשמוצטע קליידער פון דער נסיעה.

trav'el-worn *a.* (טרעוו'-על-הווארן) אויסגעמאטערט פון דער רייזע.

trav'el-wri'ter *n.* (טרעוו'-על-ראי'-טער) א רייזע־בעשרייבער.

trav'ersable *a.* (טרעוו'-אויר-סעבל) וואס קען דורכגעקרייצט אדער דורכגעשניטען ווערען; וואס קען אבגעלייקענט ווערען.

trav'erse *a., adv., n. and v.* (טרעוו'-אוירס) קרייצוויז, דורכשניידענדיג; אין דער קווער; ליעגענדיג קווער; עפעס וואס שניידט דורך אין דער ברייט, א קווער־האלץ, א קווער־שטיק; עפעס וואס שניידט דורך דעם וועג, א הינדערניס, א שטערונג; א דורכגאנג, דאס דורכשניידען דעם וועג; אין ארכיטעקטור — א גאלערע וואס ציהט זיך פון איין זייט פון א געביידע צו דער צווייטער; אן אבלייקענונג, א הכחשה; אין געאמעטריע — א טראנסווערזאלע, א ליניע וואס שניידט דורך פאר קווער אנדערע ליניען; א קאפ־קישעלע; דער זיג־זאג וועג וואס א שיף מאכט, ווען זי ווערט געשטויסען פון ווינד; א קורצע ליניע, וואס ווערט געצויגען פון דער הויפט־ליניע אום פעסטצושטעלען א זייטיגען פונקט; דורכקרייצען, דורכגעהן, דורכפאהרען; שטעלען אדער לעגען פאר קווער; הינדערען, שטערען; דורכזעהן, דורכקוקען; אבלייקענען.

trav'erse ju'ry (טרעוו'-אוירס דזשוה'-רי) ז. *petit jury*.

trav'erser *n.* (טרעוו'-אויר-סער) אן אבלייקנער, איינער וואס לייקענט אב.

trav'esty *n., a. and v.* (טרעוו'-עס-טי) א טרעוועסטיע, א לעכערליכע נאכאהמונג פון א ליטערארישען ווערק; לעכערליך איבערגעמאכט; מאכען א לעכערליכע נאכאהמונג פון א פערפאסונג, מאכען א טראוועסטיע.

trawl *v. and n.* (טראהל) כאפען פיש מיט א שלעפ־נעץ אדער מיט א נעץ מיט אנגעהאנגענע האקענס; א שלעפ־נעץ; א שאר־נעץ; אזא נעץ מיט א רייה אנגעהאנגענע האטשעקעס.

traw'ler *n.* (טראה'-לער) איינער וואס כאפט פיש מיט א שלעפ־נעץ אדער שאר־נעץ.

traw'ler-man *n.* (טראה'-לער-מען) ז. *trawler*.

trawl'-fish'erman *n.* (טראהל'-פיש'-ער-מען) ז. *trawler*.

trawl'ing *n.* (טראהל'-אינג) דאס כאפען פיש מיט א שלעפ־נעץ אדער שאר־נעץ.

trawl'-line *n.* (טראהל'-לאין) אזא נעץ מיט רייהען אנגעהאנגענע האקענס.

trawl'-net *n.* (טראהל'-נעט) א שלעפ־נעץ, א שאר־נעץ.

trawl'-warp *n.* (טראהל'-הווארפ) דער שטריק, מיט וועלכען מען שלעפט א שלעפ־נעץ אדער שאר־נעץ.

tray *n.* (טריי) א טאץ; א שויפעל, א קארעטע; א דריטעל [א קארט אדער ווירפעל מיט דריי פונקטען]; דער דריטער צווייג אדער שפיץ פון א הירש'ס הארן [ז. *trey*].

tray'-cloth *n.* (טריי'-קלאהטה) א טאץ־טישטוכעל.

tray'ful *n.* (טריי'-פול) א פולע טאץ, אזוי פיעל ווי פיעל עס קען ארויף אויף א טאץ.

The servant smashed a **trayful** of crockery.

tray'-trip *n.* (טריי'-טריפ) אזא ווירפעל־שפיעל.

treach'erous *a.* (טרעטש'-ער-אס) פעררעטעריש, טריילאז, פאלש; בעטריגעריש, וואס נארט אב, אונצופערלעסליך.

treach'erously *adv.* (טרעטש'-ער-אס-לי) אויף א פעררעטערישען אדער בעטריגערישען אופן.

treach'erousness *n.* (טרעטש'-ער-אס-נעס) פעררעטערישקייט, פערראט, טריילאזיגקייט, פאלשקייט, בעטריגערישקייט, אונצופערלעסיגקייט.

treach'ery *n.* (טרעטש'-ער-אי) פערראטה, טריילאזיגקייט, פאלשקייט, בעטרוג.

trea'cle *n.* (טריעקל) פאטאקע, צוקער־סיראפ; טהעריאק, א הייל־מיטעל געגען גיפט, א געגען־גיפט; א הייל־מיטעל, א געגען־מיטעל, א פאנאצעא; א פלאנצע וואס ווערט בעטראכט אלס געגען־גיפט.

trea'cle-mus'tard *n.* (טריע'קל-מאס'-טארד) אזא גראז־ארטיגע פלאנצע, וועלכע מען פלעגט אמאל בענוצען אלס געגען־גיפט.

trea'cle-sleep *n.* (טריע'קל-סליעפ) א רוהיגער, דערפרישענדער שלאף.

trea'cle-wa'ter *n.* (טריע'קל-הוואה'-טער) אזא אויפגוס אדער געטראנק געמאכט פון פערשיעדענע קרייטיכער.

trea'cle-worm'seed *n.* (טריע'קל-הווארמ'-סיעד) ז. *treacle-mustard*.

trea'cly *a.* (טריע'-קלי) סיראפ־ארטיג, ווי פאטאקא; זיס און קלעפיג.

tread *v. and n.* (טרעד) בעטרעטען; טרעטען מיט די פיס; געהן,

געהן מיט געמאסטענע טריט; אויסטרעטען; צוטרעטען; טאנצען; זיך פארען, האבען געשלעכטליכען פערקעהר [וועגען פויגלען]; א טריט, א שריט; דער גאנג; דער טראט; פארונג פון פויגלען; דאס קניפעל אין דעם געלכעל פון אן איי; דער טרעפען⸗טריט [דער פלאכער אדער האריזאנטאלער טייל פון א טרעפ]; די לויף⸗פלעכע פון א ראד; די גליטש⸗פלעכע פון א שינע אדער רעלסע; דער טריט פון א שוך [דער טייל פון א שוך⸗זויל, וואס בעריהרט די ערד ביים געהן]; די לענג פון א קיעל [גרונד⸗באלקען פון א שיף. ז. *keel*]; דער שטח צווישען די פעדאלען אדער טרעטערס פון א וועלאסיפעד; דער טרעט פון א שטאלצע אדער כאדולע [דער טייל וואו עס שטעלט זיך אריין דער פוס].

tread awry' (טרעד ע-ראי') אראבקריכען פון וועג; געהן שלעכט.

tread'-board *n.* (טרעד'-באורד) דער טרעפען⸗טריט [דער פלאכער האריזאנטאלער טייל פון א טרעפ]; א טרעט⸗ברעט פון א טרעט⸗מיהל [ז. *treadmill*].

tread down (טרעד דאון) צוטרעטען, פערניכטען.

Look on every one that is proud, and bring him low; and **tread down** the wicked in their place.

tread'er *n.* (טרעד'-ער) א טרעטער, א קלעטערער, א וויין⸗טרעטער.

The **treaders** shall tread out no wine in their presses.

tread'ing *n.* (טרעד'-אינג) דאס טרעטען; טרעטונג; א טריט; דאס צוטראטענע; די פארונג ביי פויגלען.

tread in one's foot'steps (טרעד אין הוואנז פוט'-סטעפס) ז. *tread in one's steps*.

tread in one's steps (טרעד אין הוואנז סטעפס) געהן אין אימעצענס דרכים, נאכטהאן אדער נאכאהמען אימעצען.

tread'le *n. and v.* (טרעדל) א טרעטער, א טרעט⸗ברעט, א פוס⸗ברעט [דאס שטיק פון א מאשין וואס ווערט געטריבען מיט'ן פוס]; דער ציהיגער שטייפערער טייל פון דעם איי⸗ווייסעל; בעוועגען א טרעטער אדער א טרעט⸗ברעט.

tread'le-machine' *n.* (טרעד'ל-מע-שין') א קליינע דרוק⸗מאשין, וואס ווערט געבראכט אין בעוועגונג דורך א פוס⸗טרעטער.

tread'ler *n.* (טרעד'-לער) איינער וואס ברייגנט עפעס אין בעוועגונג דורך פעדאלען אדער פוס⸗טרעטערס.

tread'-loom *n.* (טרעד'-לוהם) א טרעט⸗וועבשטוהל [וואס ווערט געבראכט אין בעוועגונג דורך א פוס⸗טרעטער].

tread'mill *n.* (טרעד'-מיל) א טרעט⸗מיהל, א קאטארזשנע מיהל [א מאשין וואס ווערט געבראכט אין בעוועגונג דורך דעם וואס א מענש אדער פערד טרעט איבער די בעוועגליכע טרעפ אדער ברעטער פון דער מאשין]; אן איינטאניגע, ערמידענדע טהעטיגקייט.

tread on (טרעד אן) 1. טראמפלען, טרעטען, ארויפטרעטען מיט'ן פוס [אלס אויסדרוק פון פעראכטונג]; 2. נאכפאלגען.

1. Thou shalt **tread on** their high places. 2. Year **treads on** year.

unbegot′ten *a.* (אנ-בי-גאט׳ן) ניט געבארען; וואס איז קיינמאל ניט געבארען געווארען, אייביג, וואס עקזיסטירט אונאבהענגיג פון וועלכער עס איז אורזאכע.

unbeguile′ *v.* (אנ-בי-גאיל׳) ארויספיהרען פון אירטהום, עפענען די אויגען; ענטטוישען.

unbegun′ *a.* (אנ-בי-גאן׳) ניט אנגעפאנגען.

unbehol′den *a.* (אנ-בי-האול׳דן) אונגעזעהן, אונבעמערקט.

unbeknow′ing *a.* (אנ-בי-נאו׳-אינג) ניט וויסענד, ניט קענענד.

unbeknown′ *a.* (אנ-בי-נאון׳) אונבעוואוסט, אונבעקאנט.

unbeknownst′ *a.* (אנ-בי-נאונסט׳) ז. *unbeknown*.

unbelief' *n.* (אַנ-בי-ליעף') אונגלויבען, אפיקורסות.
unbelievabil'ity *n.* (אַנ-בי-ליע-וועו-ביל'-אי-טי) אונגלויבליכקייט.
unbelie'vable *a.* (אַנ-בי-ליע'-וועבל) אונגלויבליך.
unbelieved' *a.* (אַנ-בי-ליעווד') אונגע־גלויבט, אהן צוטרוי; אונגלויבליך.
unbelie'ver *n.* (אַנ-בי-ליע'-ווער) אן אונגלויביגער; אן אפיקורס.
unbelie'ving *a.* (אַנ-בי-ליע'-ווינג) אונ־גלויביג.
unbelie'vingly *adv.* (אַנ-בי-ליע'-ווינג-לי) מיט אונגלויבען.
unbeloved' *a.* (אַנ-בי-לאַווד') ניט גע־ליעבט.
unbelt' *v.* (אַנ-בעלט') אבגארטלען.
unbel'ted *a.* (אַנ-בעל'-טעד) ניט ארומ־געגארטעלט, אבגעגארטעלט.
unbemoaned' *a.* (אַנ-בי-מאונד') ניט בעקלאגט, ניט בעיאמערט, ניט בעוויינט.
unbend' *v.* (אַנ-בענד') זיך צוריק אויסבויגען, זיך אויסגלייכען; זיך בע־נעהמען ליעבליך אדער אנגענעהם, זיין העפליך; צוריק אויסבויגען, מאכען צו־ריק גלייך; בעפרייען פון אנשטרענגונג אדער שפאנונג; געבען ערהאלונג אדער רוה; צושטרייען; שוואכער מאכען; לויז מאכען, אבבינדען [א זעגעל אדער אנ־קער־שטריק].
unben'dable *a.* (אַנ-בענ'-דעבל) ניט בויגזאם, וואס מען קען ניט בויגען.
unben'ding *a. and n.* (אַנ-בענ'-דינג) וואס בויגט זיך ניט; ניט בויגזאם, ניט נאכגעביג, שטייף; בעשטימט פאר ערהא־לונג אדער רוה; בעפרייאונג פון אנ־שטרענגונג אדער שפאנונג; ערהאלונג אדער רוה; צושטרייאונג.
unben'dingly *adv.* (אַנ-בענ'-דינג-לי) אונבויגזאם; הארטנעקיג, איינגעשפארט, איינגע'עקשנ'ט.
unben'dingness *n.* (אַנ-בענ'-דינג-נעס) אונבויגזאמקייט, ניט־נאכגעביגקייט.
unben'eficed *a.* (אַנ-בענ'-אי-פיסט) וואס האט ניט קיין איינטרעגליכע שטעלע אין א קירך.
unbenefi'cial *a.* (אַנ-בענ-אי-פיש'-על) ניט איינטרעגליך, ניט ניצליך, אהן פרא־פיט, ניט בעהילפליך.
unben'efited *a.* (אַנ-בענ'-א-פיט-עד) ניט בעגינסטיגט; וואס האט ניט קיין נוץ אדער פראפיט.
unbenev'olent *a.* (אַנ-בי-נעוו'-א-לענט) ניט וואהלטהעטיג, ניט גוט; הארט־הערציג.
unbenigh'ted *a.* (אַנ-בי-נאי'-טעד) ניט פערדונקעלט, ניט איינגעוויקעלט אין פינסטערניש.
unbenign' *a.* (אַנ-בי-נאין') ניט גוטיג, ניט מילד, ניט גינסטיג; בייזהאפט, שעדליך.
unberea'ven *a.* (אַנ-בי-ריע'וון) ניט בערויבט.
unbereft' *a.* (אַנ-בי-רעפט') ניט בע־רויבט.
unbeseem' *v.* (אַנ-בי-סיעם') זיין אונ־פאסענד אדער אונווירדיג.
unbesee'ming *a.* (אַנ-בי-סיע'-מינג) אונפאסענד.
unbesee'mingly *adv.* (אַנ-בי-סיע'-מינג-לי) אויף אן אונפאסענדען אדער אונווירדיגען אופן.
unbesee'mingness *n.* (אַנ-בי-סיע'-מינג-נעס) אונפאסענקייט, אונווירדיגקייט.
unbesought' *a.* (אַנ-בי-סאהט') אונגע־בעטען, ניט געבעטען, פרייוויליג.
unbestowed' *a.* (אַנ-בי-סטאוד') ניט געגעבען, ניט בעוויליגט, ניט געשענקט.
unbetrayed' *a.* (אַנ-בי-טרייד') ניט פערראטען.
unbetrothed' *a.* (אַנ-בי-טראותד') ניט פערלאבט, ניט פער'קנס'ט.
unbewailed' *a.* (אַנ-בי-הווייילד') ניט בעוויינט, ניט בעקלאגט.
unbewil'dered *a.* (אַנ-בי-הוויל'-דערד) ניט צוטומעלט, ניט צומישט.
unbewitch' *v.* (אַנ-בי-הוויטש') ענטצוי־בערען, אראבנעהמען די בעצויבערונג.
unbi'as *v.* (אַנ-באי'-עס) בעפרייען פון פאראורטייל.
unbi'ased *a.* (אַנ-באי'-עסט) פריי פון פאראורטייל; אונפארטייאיש.
unbi'asedly *adv.* (אַנ-באי'-עסט-לי) אהן פאראורטייל; אויף אן אונפארטיי־אישען אופן.
unbi'asedness *n.* (אַנ-באי'-עסט-נעס) פרייהייט פון פאראורטייל; אונפארטיי־ישקייט.
unbi'assed *a.* (אַנ-באי'-עסט) ז. *unbiased*.
unbi'assedly *adv.* (אַנ-באי'-עסט-לי) ז. *unbiasedly*.
unbi'assedness *n.* (אַנ-באי'-עסט-נעס) ז. *unbiasedness*.
unbib'lical *a.* (אַנ-ביב'-לי-קעל) ניט ביבליש, וואס געפינט זיך ניט אין דער ביבעל.
unbid' *a.* (אַנ-ביד') ז. *unbidden*.
unbid'den *a.* (אַנ-ביד'ן) ניט בעפוי־לען, אונגעהייסען, פרייוויליג; אונגעבע־טען, ניט געלאדען.
unbig'oted *a.* (אַנ-ביג'-א-טעד) ניט בלינד־גלויביג, טאלעראנט, ניט פאנאטיש.
unbind' *v.* (אַנ-באינד') לויז אבבינדען, אויפבינדען, לויז מאכען; בע־פרייען, פריי מאכען.
unbiograph'ical *a.* (אַנ-באי-א-גרעפ'-אי-קעל) ניט ביאגראפיש, וואס איז ניט שייך צו לעבענס־בעשרייבונג.
unbish'op *v.* (אַנ-ביש'-אפ) ארונטער־זעצען א בישאף פון אמט.
unbit' *a.* (אַנ-ביט') ניט געביסען.
unbit'ted *a.* (אַנ-ביט'-עד) ניט איינ־געצוימט, ניט געהאלטען אין צוים, ניט אבגעצוימט; ניט קאנטראלירט, ניט איינ־געהאלטען.
unbit'ten *a.* (אַנ-ביט'ן) ניט געביסען.
unbla'mable *a.* (אַנ-בליי'-מעבל) וואס פערדיענט ניט קיין טאדעל אדער בעשול־דיגונג, אהן שולד; אונשולדיג.
unbla'mableness *n.* (אַנ-בליי'-מעבל-נעס) די אונטאדעלהאפטיגקייט, די שולד־לאזיגקייט, דאס ניט פערדיענען קיין טא־דעל, דאס זיין אהן שולד; אונשולדיג־קייט.
unbla'mably *adv.* (אַנ-בליי'-מע-בלי) ניט צום טאדלען; אויף אן אופן וואס פערדיענט ניט קיין טאדעל.
unblamed' *a.* (אַנ-בליימד') ניט גע־טאדעלט; ניט בעשולדיגט; אהן טאדעל, פריי פון בעשולדיגונג.
unbleached' *a.* (אַנ-בליעטשט') ניט גע־בלייכט, ניט געווייסט, ניט ווייס געמאכט [וועגען לייוונד].
unblea'ching *a.* (אַנ-בליע'-טשינג) וואס ווערט ניט ווייס אדער בלייך.
unblee'ding *a.* (אַנ-בליע'-דינג) ניט בלוטענד.
unblem'ishable *a.* (אַנ-בלעמ'-איש-עבל) וואס קען ניט בעפלעקט ווערען.
unblem'ished *a.* (אַנ-בלעמ'-אישט) אונבעפלעקט; ריין.
unblem'ishing *a.* (אַנ-בלעמ'-איש-אינג) ניט בעפלעקענד.
unblen'ching *a.* (אַנ-בלענ'-טשינג) ניט דערשראקען, וואס געהט אדער ציהט זיך ניט צוריק, וואס וויכט ניט אויס; פעסט.
unblen'ded *a.* (אַנ-בלענ'-דעד) ריין, ניט געמישט, ניט אויסגעמישט.
unblessed' *a.* (אַנ-בלעסט') ז. *unblest*.
unblest' *a.* (אַנ-בלעסט') ניט גע־בענשט; פערפלוכט, פערשאלטען; אונ־גליקליך.
unbligh'ted *a.* (אַנ-בלאי'-טעד) ניט פערדארבען, ניט צושטערט.
unblind' *v.* (אַנ-בלאינד') מאכען זע־הענדיג; אויפקלערען.
unbliss'ful *a.* (אַנ-בליס'-פול) אונגליק־ליך.
unblood'ed *a.* (אַנ-בלאד'-עד) ניט פון ריינעם בלוט, ניט פון גוטער אבשטאמונג [וועגען פערד].
unblood'ied *a.* (אַנ-בלאד'-איד) ניט בעפלעקט מיט בלוט, ניט בלוטיג.
unblood'ily *adv.* (אַנ-בלאד'-אי-לי) ניט בלוטדורשטיג, ניט גרויזאם; ניט בלוטיג.
unblood'y *a.* (אַנ-בלאד'-אי) ניט בע־פלעקט מיט בלוט; ניט בלוטדורשטיג, ניט גרויזאם; ניט בלוטיג, אהן בלוט־פערגיסונג.
unblos'soming *a.* (אַנ-בלאס'-אמ-אינג) ניט בליהענד, אהן בליהונגען.
unblot'ted *a.* (אַנ-בלאט'-עד) ניט אויס־גענעמעקט, ניט אויסגעשטראכען; ניט אב־געריבען, ניט אויסגעקראצט.
unblown' *a.* (אַנ-בלאון') ניט אויפגע־בלאזען [דורך'ן ווינד]; ניט געבלאזען [וועגען א מוזיקאלישען בלאז־אינסטרו־מענט]; ניט אויפגעבליהט; ניט ענטוויי־קעלט.
unblun'ted *a.* (אַנ-בלאנ'-טעד) ניט טעמפ, שארף.
unblush'ing *a.* (אַנ-בלאש'-אינג) אונ־פערשעמט, וואס שעמט זיך ניט; חוצפה'־דיג, העזה'דיג.
unboast'ful *a.* (אַנ-באוסט'-פול) ניט בעריהמעריש, ניט שטאלץ, בעשיידען, עניוות'דיג, איינפאך.
unboas'ting *a.* (אַנ-באוס'-טינג) אהן בעריהמעריי, וואס האלט זיך ניט גרויס, בעשיידען, עניוות'דיג, איינפאך.
unbod'ied *a.* (אַנ-באד'-איד) וואס האט ניט קיין קערפער, אונקערפערליך; ניט מאטעריעל; בעפרייט פון קערפער, גע־מאכט קערפערלאז.
unboiled' *a.* (אַנ-באילד') ניט געקאכט, ניט געזאטען.
unbolt' *v.* (אַנ-באולט') עפע־נען, אבריגלען; זיך עפענען; ערקלערען, מאכען קלאר, געבען צו פערשטעהן.
unbol'ted *a.* (אַנ-באול'-טעד) ניט פער־ריגעלט, ניט פערפעסטיגט מיט א באלצען, אפען; ניט געבייטעלט, ניט געזיפט [וועגען מעהל].
unbon'net *v.* (אַנ-באנ'-עט) אראבנעה־מען דעם הוט, ענטבלויזען דעם קאפ.
unbooked' *a.* (אַנ-בוקט') ניט פערשרי־בען אין א בוך.

unbook′ish *a.* (אנ-בוק′-איש) וואס האט ניט ליעב צו לעזען קיין ביכער; וואס איז ניט ארייננגעטהאן אין ביכער; ניט בעלעזען, ניט געלערענט, ניט געבילדעט.

unboot′ *v.* (אנ-בוהט′) אראבציהען די שטיוועל.

unboo′ted *a.* (אנ-בוה′-טעד) אהן שטיוועל.

unborn′ *a.* (אנ-באהרן′) אונגעבארען, נאך ניט געבארען; צוקינפטיג.

unbor′rowed *a.* (אנ-באר′-אוד) ניט געבארגט, ניט אנטליהען, אייגען; אריגינעל, ניט גענומען פון א פרעמדער קוועלע; עכט, ניט געפעלשט.

unbos′om *v.* (אנ-בוז′-אם) ענטדעקען, אנפערטרויען, עפענען דאס הארץ.

unbos′omer *n.* (אנ-בוז′-אמ-ער) איינער וואס ענטדעקט אדער אנפערטרויט.

unbot′tomed *a.* (אנ-באט′-אמד) אהן א גרונד, אונענדליך טיעף.

unbought′ *a.* (אנ-באהט′) ניט געקויפט; ניט פערקויפט, אהן א קויפער; ניט אונטערגעקויפט.

unbound′ *a.* (אנ-באונד′) ניט געבונדען; ניט פערפליכטעט.

unboun′ded *a.* (אנ-באונ′-דעד) אונבעגרענעצט, אונבעשרענקט.

unboun′dedly *adv.* (אנ-באונ′-דעד-לי) אויף אן אונבעגרענעצטען אדער אונבעשרענקטען אופן; אהן גרענעצען.

unboun′dedness *n.* (אנ-באונ′-דעד-נעס) די אונבעגרענעצטקייט, די אונבעשרענקטקייט.

unboun′teous *a.* (אנ-באונ′-טי-אס) אונגיטיג, ניט פרייגיעביג; ניט וואהלטהעטיג.

unboun′teously *adv.* (אנ-באונ′-טי-אס-לי) ניט גיטיג, ניט מילד; אויף א ניט פרייגיעביגען אופן.

unbowed′ *a.* (אנ-באוד′) אונגעבויגען; ניט איינגעבויגען; ניט אונטערווארפען, ניט אונטעריאכט, ניט אונטערגעגעבען, ניט בעצוואונגען, ניט איבערוועלטיגט.

unbrace′ *v.* (אנ-בריים′) לויז מאכען, אבבינדען, אויפבינדען, אויפקניפען, אויפשנירען; בעפרייען פון אנשטרענגונג; אבלאזען, נאכלאזען, לויז ווערען.

unbraid′ *v.* (אנ-ברייד′) פאנאנדערנעהמען די שנורען, אבפלעכטען; אבפלאנטערען.

unbrai′ded *a.* (אנ-בריי′-דעד) ניט צוזאמענגעוועבט, ניט צוזאמענגעפלאכטען.

unbranched′ *a.* (אנ-ברענטשט′) ניט פערצווייגט, אהן צווייגען.

unbran′ded *a.* (אנ-ברענ′-דעד) ניט אויסגעברענט; ניט געשטעמפעלט; ניט געשטעמפעלט מיט שאנדע.

unbreak′able *a.* (אנ-ברייק′-עבל) ניט צוברעכליך, וואס קען ניט צובראכען ווערען.

unbreast′ *v.* (אנ-ברעסט′) עפענען אדער אויסריידען דאס הארץ; אויפדעקען.

unbreath′able *a.* (אנ-בריעטה′-עבל) וואס קען ניט איינגעאטעמט ווערען.

unbreathed′ *a.* (אנ-בריעטהד′) ניט געאטעמט; ניט ארויסגעגעבען; ניט געאיבט, ניט פראקטיצירט.

unbrea′thing *a.* (אנ-בריע′-טהינג) ניט אטעמענד, ניט בעלעבט.

unbred′ *a.* (אנ-ברעד′) אונערצויגען, ניט געבילדעט, ניט עדעל, אהן דרך-ארץ; ניט געלערענט, אונוויסענד.

unbreech′ *v.* (אנ-בריעטש′) אראבנעהמען די הויזען; אבשרויפען דעם הינטערשטען טייל פון א הארמאט.

unbreeched′ *a.* (אנ-בריעטשט′) אהן הויזען; נאך יונג צו טראגען הויזען.

unbrewed′ *a.* (אנ-ברוהד′) ניט געמישט, ריין, עכט.

unbri′bable *a.* (אנ-בראי′-בעבל) וואס מען קען ניט אונטערקויפען מיט כאבאר.

unbribed′ *a.* (אנ-בראיבד′) ניט אונטערגעקויפט.

unbri′dle *v.* (אנ-בראי′דל) אבצוימען, אראבנעהמען די צוים; פריילאזען.

unbri′dled *a.* (אנ-בראי′דלד) אהן א צוים; ניט געהאלטען אין צוים, ניט איינגעהאלטען, ניט צוריקגעהאלטען; ניט געהארכזאם, ווידערשפעניג; צולאזען.

unbridged′ *a.* (אנ-ברידזשד′) אהן א בריק.

unbroached′ *a.* (אנ-בראוטשט′) ניט דורכגעבויערט; ניט דורכגעשטאכען; ניט דורכגעלעכערט; ניט בעריהרט, וואס מען האט וועגען דעם ניט אנגעפאנגען צו רעדען.

unbroke′ *a.* (אנ-בראוק′) ז. *unbroken*.

unbro′ken *a.* (אנ-בראו′קן) ניט צובראכען, גאנץ; ניט אבגעשוואכט; ניט צודריקט, ניט אונטערדריקט; ניט געצוימט, ניט צוגעוועהנט צום זאטעל אדער געשפאן; ניט אונטערבראכען, ניט געשטערט, אנהאלטענד; רעגולער, פאלשטענדיג.

unbroth′erly *a.* (אנ-בראטה′-ער-לי) ניט ברידערליך.

unbrought′ *a.* (אנ-בראהט′) ניט געבראכט.

unbruised′ *a.* (אנ-ברוהזד′) ניט צודריקט, ניט צוקוועטשט, ניט פערוואונדעט דורך קוועטשען; ניט צושטויסען; ניט צוריבען; ניט צוקלאפט.

unbrushed′ *a.* (אנ-בראשט′) ניט געבארשטען.

unbuck′le *v.* (אנ-באק′ל) אבספראנזשען [ווי א גארטעל]; לויז מאכען.

unbud′ded *a.* (אנ-באד′-עד) ניט אויפגעבליהט; אהן קנאספען.

unbuild′ *v.* (אנ-בילד′) צושטערען, פערניכטען, מאכען א תל, חרב מאכען.

unbuilt′ *a.* (אנ-בילט′) נאך ניט געבויט, ניט אויפגעבויט.

unbur′den *v.* (אנ-בויר′דן) אויסלאדען, אראבנעהמען א לאסט, בעפרייען פון א משא; אראבווארפען פון זיך א לאסט; עפענען, אויפדעקען; פערלייכטערען.

unbur′dened *a.* (אנ-בויר′דנד) אונבעלעסטיגט, ניט בעלאסטעט.

unbur′iable *a.* (אנ-בער′-אי-עבל) ניט צו בעגראבען.

unbur′ied *a.* (אנ-בער′-איד) ניט בעגראבען, ניט בעערדיגט.

unburned′ *a.* (אנ-בוירנד′) ניט פערברענט; ניט געברענט.

unbur′nished *a.* (אנ-בויר′-נישט) ניט פאלירט, ניט געמאכט גלאנציג.

unburnt′ *a.* (אנ-בוירנט′) ז. *unburned*.

unbur′row *v.* (אנ-באר′-או) ארויסטרייבען פון דער נארע.

unbur′then *v.* (אנ-בויר′טהן) ז. *unburden*.

unbur′y *v.* (אנ-בער′-אי) אויסגראבען, אויפגראבען; אויפדעקען, מאכען אפען.

unbus′ied *a.* (אנ-ביז′-איד) אונבעשעפטיגט, ניט פערנומען.

unbusi′nesslike *a.* (אנ-ביז′-נעס-לאיק) ניט געשעפטסמעסיג.

unbus′y *a.* (אנ-ביז′-אי) אונבעשעפטיגט, ניט פערנומען.

unbut′tered *a.* (אנ-באט′-ערד) ניט בעשמיערט מיט פוטער.

unbut′ton *v.* (אנ-באט′ן) אויפקנעפלען, אבשפילען.

unbut′tressed *a.* (אנ-באט′-רעסט) ניט געשטיצט; ניט אונטערגעשפארט מיט א שטיץ-זייל [וועגען א בריק אדער געביידע].

unca′bled *a.* (אנ-קיי′בלד) ניט בעפעסטיגט מיט א קאבעל אדער אנקער-שטריק.

uncage′ *v.* (אנ-קיידזש′) ארויסלאזען פון שטייג, בעפרייען.

uncaged′ *a.* (אנ-קיידזשד′) ניט פערשפארט אין שטייג.

uncal′cified *a.* (אנ-קעל′-סי-פאיד) ניט פערוואנדעלט אין שטיין [דורך פעראייניגונג פון קאלך מיט קויהלען-זויערע].

uncal′cined *a.* (אנ-קעל′-סינד) ניט פערוואנדעלט אין פולווער אדער אין קאלך דורך פייער.

uncal′culated *a.* (אנ-קעל′-קיו-ליי-טעד) ניט בערעכענט.

uncal′culating *a.* (אנ-קעל′-קיו-ליי-טינג) ניט בערעכנענד, וואס בערעכענט ניט.

uncal′endered *a.* (אנ-קעל′-ענ-דערד) ניט געפרעסט, ניט געפלעט [אין דער פאבריקאציאן פון געוואנד און פאפיער].

uncalked′ *a.* (אנ-קאהקט′) ניט פערשטאפט [וועגען שפאלטען אדער לעכער אין א שיף]; ניט בעשמיערען מיט שארפע פאדקאוועס; ניט שארף געמאכט [וועגען די פאדקאוועס פון א פערד]; ניט אראבגענומען [וועגען א קאפיע אין א צייכנונג]; ניט בערעקט מיט קרייד [כדי צו קאפירען א צייכנונג].

uncalled′ *a.* (אנ-קאהלד′) אונגערופען; ניט געלאדען; ניט געפאדערט.

uncalled′ for (אנ-קאהלד′ פאר) ניט נויטיג; ניט געפאדערט, ניט פערלאנגט.

uncalum′niated *a.* (אנ-קע-לאמ′-ני-איי-טעד) ניט פערלוימדעט.

uncan′celled *a.* (אנ-קענ′-סעלד) ניט אויסגעשטראכען, ניט אויסגעמעקט; ניט אבגעשאפט, ניט צוריקגעצויגען, ניט אנולירט.

uncan′did *a.* (אנ-קענ′-דיד) ניט אפענהערציג, ניט אויפריכטיג.

uncan′didly *adv.* (אנ-קענ′-דיד-לי) אויף א ניט אפענהערציגען אופן.

uncan′ny *a.* (אנ-קענ′-אי) געהיימנים-פול; איבערנאטירליך; שרעקענד, וואס רופט ארויס אבערגלויבישע מורא; ניט געשיקט; ניט קינסטלעריש; ניט געאיבט; אונפארזיכטיג, אונזיכער; געפעהרליך; אונגליקליך: שטארק, שווער, גרויזאם; ניט מעסיג, פערשווענדעריש; ניט מילד, ניט זאנפט, ניט שטיל, אונרוהיג; שלעכט.

uncanon′ic *a.* (אנ-קע-נאנ′-איק) ז. *uncanonical*.

uncanon′ical *a.* (אנ-קע-נאנ′-אי-קעל) ניט קאנאניש; ניט הייליג, ניט נאך דעם קירכען-געזעץ; ניט געזעצליך; ניט אנערקענט; וואס בעלאנגט ניט צו די הייליגע אנערקענטע שריפטען פון דער קירך.

uncanon′icalness *n.* (אנ-קע-נאנ′-אי-קעל-נעס) דאס ניט זיין קאנאניש, דאס ניט זיין קירכליך הייליג.

uncan'onize *v.* (אנ-קענ'-אנ-איז) אוועקנעהמען די קאנאנישע אויטאריטעט; אויסמעקען פון דער ליסטע פון די קירכען-הייליגע.

uncan'onized *a.* (אנ-קענ'-אנ-איזד) ניט קאנאניזירט, ניט ערקלערט פאר א הייליגען, ניט אריינגעשריבען צווישען די הייליגע פון דער קירך.

uncan'opied *a.* (אנ-קענ'-א-פיד) אהן א באלדאכין, אהן אן איבערדעק, אהן א חופה.

uncap' *v.* (אנ-קעפ') אראבנעהמען דעם צודעק; עפענען; אראבנעהמען דאס היטעל.

unca'pable *a.* (אנ-קיי'-פעבל) ז. *incapable*

uncapar'isoned *a.* (אנ-קע-פער'-אי-סאנד) ניט בעדעקט מיט א שהענער געפוצטער דעקע [ווענען א פערד]; ניט בעדעקט, ניט בעפוצט.

uncapsiz'able *a.* (אנ-קעפ-סאיז'-עבל) וואס קען זיך ניט איבערקעהרען.

uncap'tious *a.* (אנ-קעפ'-שאס) ניט שווער צופריעדען צו שטעלען, ניט קריגעריש, וואס זוכט ניט קיין חסרונות.

uncap'tivated *a.* (אנ-קעפ'-טי-ווײ-טעד) ניט בעצויבערט.

uncared' *a.* (אנ-קעהרד') אונבעאכטעט, ניט אין אכט גענומען, ניט געזארגט פאר...;

uncar'ing *a.* (אנ-קעהר'-אינג) נאכלעסיג, אבגעלאזען; אהן דאגות, מונטער.

uncar'peted *a.* (אנ-קאר'-פעט-עד) ניט בעדעקט מיט טעפיכער.

uncarved' *a.* (אנ-קארווד') ניט געשניצט.

uncase' *v.* (אנ-קיים') ארויסנעהמען פון שיידעל אדער שאכטעל; אויסטהאן, ענטבלויזען, אויפדעקען, ענטדעקען; פאנאנדערוויקלען [א פאהן].

uncat'alogued *a.* (אנ-קעט'-ע-לאגד) ניט אריינגעטראגען אין א קאטאלאג.

uncat'echized *a.* (אנ-קעט'-אי-קאיזד) ניט אונטערריכטעט [דורך דער מעטאדע פון פראגע און אנטווארט, הויפטזעכליך די אונטערריכט פון דער קריסטליכער רעליגיאן אין דיעזער פארם]; עקזאמענירען דורך פראגען.

uncaught' *a.* (אנ-קאהט') ניט געפאנגען, ניט געכאפט, ניט געפאקט.

uncaused' *a.* (אנ-קאהזד') ניט פעראורזאכט; ניט בעשאפען; זעלבסטשטענדיג, וואס בעשטעהט אויף זיך אליין.

uncau'terized *a.* (אנ-קאה'-טער-איזד) ניט אויסגעברענט [ווענען א וואונד].

uncau'tious *a.* (אנ-קאה'-שאס) ז. *incautious*

uncau'tiously *adv.* (אנ-קאה'-שאס-לי) ז. *incautiously*

uncea'sing *a.* (אנ-סיע'-סינג) אהן אן אויפהער; אהן אונטערברעכען; אהן אן ענד.

unoeas'ingly *adv.* (אנ-סיע'-סינג-לי) אונאויפהערליך.

unce'ded *a.* (אנ-סי'-דעד) ניט אבגעטראטען; ניט נאכגעגעבען; ניט אונטערגעגעבען.

unceiled' *a.* (אנ-סיעלד') וואס האט ניט קיין סטעליע [אן אויבערלאגע אדער סופיט].

uncel'ebrated *a.* (אנ-סעל'-אי-ברײ-טעד) ניט בעריהמט; ניט געפייערט.

unceles'tial *a.* (אנ-סי-לעס'-טשיעל) ניט הימליש, ערדיש; העליש.

uncemen'ted *a.* (אנ-סי-מענ'-טעד) ניט צעמענטירט, ניט פערפעסטיגט מיט צעמענט.

uncen'surable *a.* (אנ-סענ'-שור-עבל) ניט טאדעלהאפט, וואס פערדיענט ניט געטאדעלט צו ווערען.

uncen'sured *a.* (אנ-סענ'-שורד) ניט קריטיקירט; ניט געטאדעלט.

unceremo'nious *a.* (אנ-סער-אי-מאו'-ני-אס) ניט צערעמאניש, אהן צערעמאניע, ניט פארמעל, איינפאך, פשוט, אונגעצוואונגען.

unceremo'niously *adv.* (אנ-סער-אי-מאו'-ני-אס-לי) אויף א ניט צערעמאניעלען שטייגער, אהן צערעמאניעס, אהן פארמאליטעט.

uncer'tain *a.* (אנ-סויר'-טען) אונגעוויס; אונבעשטימט; אונזיכער, צווייפעלהאפט; אונצופערלעסיג, אזיך וואס מען קען זיך ניט פערלאזען; ניט פעסטגעשטעלט; ניט בעשטענדיג; ניט ענטשיעדען; ניט ענטשלאסען; אונרעגעלמעסיג; פערענדערליך; ניט געזעצט, קאפריזנע.

uncer'tainness *n.* (אנ-סויר'-טען-נעס) אונגעוויסהייט; אונבעשטימטהייט; צווייפעלהאפטיגקייט; אונצופערלעסיגקייט; אונבעשטענדיגקייט; אונענטשלאסענהייט; אונרעגעלמעסיגקייט; פערענדערליכקייט; אונגעזעצטקייט, קאפריזנעקייט.

uncer'tainty *n.* (אנ-סויר'-טען-טי) אונגעוויסהייט, אונזיכערקייט; אונבעשטימטהייט; צווייפעלהאפטיגקייט; אונצופערלעסיגקייט; אונענטשלאסענהייט; אן אונגעוויסער אדער ניט גענוי בעקאנטער געגענשטאנד, אן אונגעוויסהייט.

uncertif'icated *a.* (אנ-סויר-טיפ'-אי-קיי-טעד) אהן א שריפטליכער צייגניס, אהן א דאקומענט וואס בעשטעטיגט אפיציעל.

uncer'tified *a.* (אנ-סויר'-טי-פאיד) ניט בעשטעטיגט; ניט מיטגעטיילט; ניט בעקאנט געמאכט; ניט גאראנטירט [א טשעק].

unces'sant *a.* (אנ-סעס'-ענט) ז. *incessant*

unces'santly *adv.* (אנ-סעס'-ענט-לי) ז. *incessantly*

unchain' *v.* (אנ-טשיין') אבבינדען פון דער קייט; פריילאזען, בעפרייען.

unchalked' *a.* (אנ-טשאהקט') ניט בעצייכענט מיט קרייד.

unchal'lengeable *a.* (אנ-טשעל'-ענ-דזשעבל) אונאויפפאדערליך; ווען מען קען ניט אויפפאדערען; ווען מען קען ניט בעשולדיגען; וואס מען קען ניט פאדערען; זיכער, פערזיכערט.

unchangeabil'ity *n.* (אנ-טשיינ-דזשע-ביל'-אי-טי) אונפערענדערליכקייט.

unchan'geable *a.* (אנ-טשיינ'-דזשעבל) אונפערענדערליך, וואס קען ניט פערענדערט ווערען.

unchan'geableness *n.* (אנ-טשיינ'-דזשעבל-נעס) אונפערענדערליכקייט, דאס זיין אונפערענדערליך.

unchan'geably *adv.* (אנ-טשיינ'-דזשע-בלי) אויף אן אונפערענדערליכען אופן; אהן אומענדערונג.

unchanged' *a.* (אנ-טשיינדזשד') אונפערענדערט.

unchan'ging *a.* (אנ-טשיינ'-דזשינג) זיך ניט ענדערענד, וואס פערענדערט זיך ניט; אימער דאסזעלבע.

unchan'ted *a.* (אנ-טשענ'-טעד) ניט געזונגען.

uncharacteris'tic *a.* (אנ-קער-עק-טער-אים'-טיק) ניט כאראקטעריסטיש.

uncharacteris'tical *a.* (אנ-קער-עק-טער-אים'-טי-קעל) ניט כאראקטעריסטיש.

unchar'acterized *a.* (אנ-קער'-עק-טער-איזד) ניט כאראקטעריזירט.

uncharge' *v.* (אנ-טשארדזש') אויסלאדען, אראבנעהמען די לאסט; אראבנעהמען די בעשולדיגונג, בעפרייען פון א קלאגע; פרייששפרעכען.

uncharged' *a.* (אנ-טשארדזשד') ניט אנגעלאדען [ווענען א ביקס, אן עלעקטרישער באטעריי א. ד. ג.].

unchar'itable *a.* (אנ-טשער'-אי-טעבל) אונבארמהערציג; גרויזאם.

unchar'itableness *n.* (אנ-טשער'-אי-טעבל-נעס) אונבארמהערציגקייט.

unchar'itably *adv.* (אנ-טשער'-אי-טע-בלי) אונבארמהערציג.

unchar'ity *n.* (אנ-טשער'-אי-טי) אונבארמהערציגקייט.

unchar'ted *a.* (אנ-טשאר'-טעד) ניט פערצייכענט [אויף א לאנדקארטע].

unchar'tered *a.* (אנ-טשאר'-טערד) ניט פערדונגען [ווענען א שיף]; אהן א פאטענט אדער ערלויבניס; אהן א רעגיערונגס-בעשטעטיגונג [ווענען אן ארגאניזאציאן]; אהן פריווילעגיעס, ניט פריווילעגירט; אונבעשרענקט, אהן א בעגרענצונג.

unchar'y *a.* (אנ-טשעהר'-אי) אונפארזיכטיג; ניט שפארזאם.

unchaste' *a.* (אנ-טשייסט') ניט איינגעהאלטען [אין די תאוות], תאוה'דיג, צולאזען, אויסגעלאסען.

unchaste'ly *adv.* (אנ-טשייסט'-לי) אויף א תאוה'דיגען אדער אויסגעלאסענעם אופן.

uncha'stened *a.* (אנ-טשיי'סנד) ניט אויסגעבעסערט [דורך שטראף].

unchaste'ness *n.* (אנ-טשייסט'-נעס) ז. *unchastity*

unchastised' *a.* (אנ-טשעס-טאיזד') ניט בעשטראפט; ניט דיסציפלינירט.

unchas'tity *n.* (אנ-טשעס'-טי-טי) ניט איינגעהאלטענקייט [אין די תאוות], אויסגעלאסענקייט, צולאזענקייט.

unchecked' *a.* (אנ-טשעקט') ניט געהינדערט, אונגעשטערט, ניט אבגעהאלטען, ניט פערהאלטען, ניט אבגעשטעלט.

uncheer'ful *a.* (אנ-טשיער'-פול) ניט לעבעדיג, נידערגעשלאגען, טרויעריג, אומעטיג, מעלאנכאליש; אונצופריעדען, אונווילינג, מיט ווידערווילען.

uncheer'fulness *n.* (אנ-טשיער'-פול-נעס) נידערגעשלאגענקייט, טרויעריגקייט, אומעטיגקייט.

uncher'ished *a.* (אנ-טשער'-אישט) ניט געליעבט, ניט געלאשטשעט, ניט געשעצט; ניט געשיצט.

unchewed' *a.* (אנ-טשוהד') ניט געקייט; ניט גוט איבערלעגט.

unchid' *a.* (אנ-טשיד') ניט אויסגעמוסר'ט, אויף ווען מען האט זיך ניט אנגעבייזערט אדער ניט אנגעשריען.

unchid'den *a.* (אנ-טשיד'ן) ז. *unchid*

unchilled' *a.* (אנ-טשילד') ניט פערפרארען, ניט פערגליווערט פון קעלט.

unchis'eled *a.* (אנ-טשיז'-עלד) ניט ארומגעהאקט מיט א דלאט אדער מייסעל; ניט ארומגעטעסעט.

unchiv'alric *a.* (אנ-שיוו'-על-ריק) ז. *unchivalrous*

unchiv'alrous *a.* (אנ-שיוו'-על-ראס) ניט ריטערליך.

unchiv'alrously *adv.* (אנ-שיוו'-על-ראס-לי) אויף א ניט-ריטערליכען אופן.
unchopped' *a.* (אנ-טשאפט') ניט גע-האקט, ניט צוהאקט.
uncho'sen *a.* (אנ-טשאו'זן) ניט אויס-געוועהלט, ניט אויסגעקליבען.
unchris'tened *a.* (אנ-קריס'נד) ניט געטויפט.
unchris'tian *a.* (אנ-קריס'-טשיען) ניט קריסטליך; ניט לויט די פרינציפען פון קריסטענטום; ניט פריינדליך, אונמענש-ליך; געצענדינעריש.
unchris'tianize *v.* (אנ-קריס'-טשיענ-איז) אונקריסטליך מאכען.
unchris'tianlike *a.* (אנ-קריס'-טשיענ-לאיק) ניט קריסטליך.
unchris'tianness *n.* (אנ-קריס'-טשיענ-נעס) אונקריסטליכקייט.
unchron'icled *a.* (אנ-קראנ'-איקלד) ניט פערשריבען אין די כראניקעס, ניט פערצייכענט אין דער געשיכטע.
unchronolog'ical *a.* (אנ-קראנ-א-לאדזש'-אי-קעל) ניט כראנאלאגיש. ז. ***chronological***.
unchurch' *v.* (אנ-טשורטש') אויסשלי-סען פון דער קירך; מאכען פאר אוים קירך.
unchurch'ly *a.* (אנ-טשורטש'-לי) ניט קירכליך.
unchurned' *a.* (אנ-טשורנד') ניט גע-שלאגען [וועגען פוטער].
un'cial *a. and n.* (אנ'-שיעל) וואס איז שייך צו דער האנדשריפט אין די פארצייטי-גע מאנוסקריפטען וואס פלעגען געשריבען ווערען מיט גרויס-האנטיגע בוכשטאבען; אן אונציאל-בוכשטאב [א בוכשטאב אין די מאנוסקריפטען פון דעם 4טען ביז דעם 8טען יאהרהונדערט]; א מאנוסקריפט גע-שריבען מיט אונציאל-בוכשטאבען.
un'ciform *a.* (אנ'-סי-פארם) געבויגען, געקרימט, אויסגעדרעהט, וואס האט די פארם פון א קרוק.
uncir'cumcised *a.* (אנ-סויר'-קאמ-סאיזד) ניט בעשניטען, ניט גע'מל'ט.
uncircumci'sion *n.* (אנ-סויר-קאמ-סיזש'-אן) אונבעשניטענהייט, אונבעשניי-דונג, דאס זיין ניט גע'מל'ט; ניט גע'-מל'טע, נים-אידען.
uncir'cumscribed *a.* (אנ-סויר'-קאמ-סקראיבד) אונבעגרענצט, אונבעשרענקט.
uncir'cumspect *a.* (אנ-סויר'-קאמ-ספעקט) אונפארזיכטיג.
uncircumstan'tial *a.* (אנ-סויר-קאמ-סטענ'-שעל) ניט פאדראבנע, ניט אויס-פיהרליך, ניט גענוי.
unci'ted *a.* (אנ-סאי'-טעד) ניט געלא-דען, ניט פארגערופען, ניט אויפגעפא-דערט [צום געריכט]; ניט ציטירט.
unciv'il *a.* (אנ-סיוו'-איל) ניט העפליך; אונערצויגען, אונגעבילדעט; מיט שלעכטע מאניערען, ניט עדעל, גראב, רויה; אונ-ציוויליזירט, בארבאריש, ווילד.
uncivil'ity *n.* (אנ-סי-וויל'-אי-טי) ז. ***incivility***.
unciv'ilized *a.* (אנ-סיוו'-אי-לאיזד) אונציוויליזירט, בארבאריש, ווילד; אונ-געבילדעט, גראב, רויה.
unclad' *a.* (אנ-קלעד') אונגעקליידעט.
unclaimed' *a.* (אנ-קליימד') ניט גע-פאדערט, וואס מען האט דארויף ניט קיין אנשפרוך אדער פרעטענזיע.
unclar'ified *a.* (אנ-קלער'-אי-פאיד) ניט קלאר געמאכט; אונגעלייטערט.
unclasp' *v.* (אנ-קלעספ') לויז מאכען, עפענען.
unclass'able *a.* (אנ-קלעס'-עבל) וואס קען ניט קלאסיפיצירט ווערען; וואס קען ניט זיין צוגערעכענט צו א געוויסען קלאס.
unclassed' *a.* (אנ-קלעסט') ניט קלא-סיפיצירט, ניט איינגעטיילט אין קלאסען.
unclas'sic *a.* (אנ-קלעס'-איק) ניט קלא-סיש, ניט מוסטערהאפט, ניט הויך.
unclas'sical *a.* (אנ-קלעס'-אי-קעל) ז. ***unclassic***.
unclas'sifiable *a.* (אנ-קלעס'-אי-פאי-עבל) וואס קען ניט קלאסיפיצירט ווערען, וואס קען ניט איינגעטיילט ווערען אין קלאסען.
unclas'sified *a.* (אנ-קלעס'-אי-פאיד) ניט קלאסיפיצירט.
un'cle *n.* (אנקל) אן אנקעל, א פעטער; אן עלטערער מענש; איינער וואס לייהט געלד אויף משכנות, אן אייגענטימער פון א לאמבארד.
unclean' *a.* (אנ-קליען') אונריין; אויס-געלאסען; פערדארבען, זינדיג.
unclean'able *a.* (אנ-קליענ'-עבל) ניט צו רייניגען.
unclean'liness *n.* (אנ-קלענ'-לי-נעס) אונריינקייט, אונזויבערקייט, שמוציגקייט; אויסגעלאסענקייט.
unclean'ly *a.* (אנ-קלענ'-לי) אונריין, שמוציג; אויסגעלאסען.
unclean'ness *n.* (אנ-קליענ'-נעס) ז. ***uncleanliness***.
uncleansed' *a.* (אנ-קלענזד') ניט גע-רייניגט, ניט געפוצט.
unclear' *a.* (אנ-קליער') ניט קלאר; ניט דייטליך; ניט העל; ניט ריין; ניט ריין פון שולד; ניט בעשיינפערליך; ניט פריי; ניט גאנץ; ניט נעט [וועגען פרא-פיט]; ניט גענצליך.
uncleav'able *a.* (אנ-קליעוו'-עבל) וואס לאזט זיך ניט שפאלטען.
uncleft' *a.* (אנ-קלעפט') ניט געשפאל-טען.
unclench' *v.* (אנ-קלענטש') ז. ***unclinch***.
uncler'ical *a.* (אנ-קלער'-אי-קעל) ניט גייסטליך, ניט פאסענד פאר א גלח.
Un'cle Sam (אנקל סעם) די רעגיערונג אדער דאס פאלק פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא [אלס צונעמע-ניש. איז ענטשטאנען פון די ראשי תבות U. S., וואס מיינט ***United States***].
unclew' *v.* (אנ-קלוה') אבוויקלען, לויז מאכען, אבפלאנטערען; רואינירען.
unclinch' *v.* (אנ-קלינטש') עפענען [די פויסט].
unclipped' *a.* (אנ-קליפט') ניט אבגע-שניטען, ניט אבגעשארען; ניט ארומגע-שניטען [וועגען מטבעות].
uncloak' *v.* (אנ-קלאוק') אראבנעהמען דעם מאנטעל; אראבנעהמען די מאסקע, אויפדעקען.
unclog' *v.* (אנ-קלאג') אראבנעהמען א לאסט; בעפרייען פון שווערינקייטען אדער הינדערניסע.
unclogged' *a.* (אנ-קלאגד') ניט בעלא-דען, אונגעהינדערט, פריי.
unclois'ter *v.* (אנ-קלאיס'-טער) בע-פרייען פון מאנאסטיר; ארויסלאזען פון געפענגניס.
unclose' *v.* (אנ-קלאוז') עפענען; אויפ-שליסען; אויפדעקען; זיך עפענען.
unclosed' *a.* (אנ-קלאוזד') ניט אפען, ניט איינגעשלאסען; ניט געענדיגט, ניט גע-שלאסען; ניט פערמאכט, ניט צוגעמאכט.
unclothe' *v.* (אנ-קלאוטה') אויסטהאן די קליידער, ענטבלויזען, מאכען נאקעט; אויסטהאן; בעפרייען.
unclothed' *a.* (אנ-קלאוטהד') ניט אנגע-קליידעט, אהן קליידער, אויסגעטהאן, נא-קעט.
uncloud' *v.* (אנ-קלאוד') פערטרייבען די וואלקענס, מאכען העל; מאכען קלאר; מא-כען מונטער.
unclou'ded *a.* (אנ-קלאו'-דעד) ניט פער-וואלקענט, העל, ליכטיג; קלאר; מונטער.
unclou'dedness *n.* (אנ-קלאו'-דעד-נעס) ניט-פערוואלקענטקייט, ליכטיגקייט, העלקייט; קלארקייט; מונטערקייט.
unclou'dy *a.* (אנ-קלאו'-די) ז. ***unclouded***.
unclo'ven *a.* (אנ-קלאו'-וון) ניט גע-שפאלטען, ניט געטיילט.
unclub'able *a.* (אנ-קלאב'-עבל) ניט קלוב-פעהיג [ניט פאסענד אויפגענומען צו ווערען אין א קלוב אדער געזעל-שאפט]; ניט געזעליג.
unclue' *v.* (אנ-קלוה') ז. ***unclew***.
unclutch' *v.* (אנ-קלאטש') לויז לאזען, עפענען [עטוואס איינגעקלעמטעס אדער צונויפגעדריקטעס].
uncoac'ted *a.* (אנ-קאו-עק'-טעד) אונ-געצוואונגען, ניט גענויט.
uncoag'ulable *a.* (אנ-קא-עג'-יו-לעבל) וואס קען ניט פערדיכטעט ווערען, פערגליווערט ווערען אדער גערונען ווערען.
uncoag'ulated *a.* (אנ-קא-עג'-יו-ליי-טעד) ניט פערגליווערט, ניט פערדיכטעט; ניט גערונען.
uncoa'ted *a.* (אנ-קאו'-טעד) ניט בע-קליידעט; ניט בעדעקט; אהן א הויט.
uncock' *v.* (אנ-קאק') אראבלאזען לייכט דעם שלאס פון א ביקס אדער רעוואלווער אום ניט אויסצושיסען; צוריק ארונטער-בויגען די ארויפגעבויגענע פאלעס [ברע-געס] פון א הוט.
uncocked' *a.* (אנ-קאקט') ניט אויפגע-הויבען [וועגען דעם שלאס פון א ביקס אדער רעוואלווער]; ניט ארויפגעבויגען [וועגען די ברעגעס פון א הוט]; ניט אויפגעשטעלט אין קופעס [וועגען היי אדער שטרוי].
uncof'fined *a.* (אנ-קאפ'-אינד) ניט אריינגעלעגט אין א טרונע.
unco'gent *a.* (אנ-קאו'-דזשענט) ניט איבערצייגענד, וואס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל.
uncohe'sive *a.* (אנ-קא-הי'-סיוו) ניט צוזאמענהענגענד, וואס האלט זיך ניט צו-זאמען; אין פיזיק — וואס האט ניט די אייגענשאפט פון קאהעזיאן [די פיזיקא-לישע אייגענשאפט פון די מאלעקולען אדער טיילכלעך פון שטאף זיך צו האל-טען צוזאמען און בילדען אן איינהייטלי-כע, איינפערמיגע מאסע].
uncoif' *v.* (אנ-קאיף') אראברייסען דאס היטעל, אראברייסען די הויב.
uncoifed' *a.* (אנ-קאיפט') אהן א הויב; אהן א יארמולקע; וואס טראגט ניט קיין אדוואקאטען-יארמולקע [אזא יארמולקע וואס אדוואקאטען טראגען אין איינינגע לענדער ווען זיי טרעטען אויף אין גע-ריכט].
uncoil' *v.* (אנ-קאיל') פאנאנדערוויקלען, אבוויקלען, אבקנוילען.
uncoined' *a.* (אנ-קאינד') ניט געמינצט, ניט געשטעמפעלט [וועגען געלד]; ניט געפרעגט; ניט געפעלשט, נאטירליך, אמת'-ריג.
uncollap'sible *a.* (אנ-קא-לעפ'-סיבל)

וואס מען קען ניט צונויפלעגען אדער צונויפדריקען.

uncollec'ted *a.* (אנ-קא-לעק'-טעד) ניט געזאמעלט, ניט צונויפגעקליבען; ניט איינגעמאהנט; אונרוהיג; ניט זעלבסטבעהערשט, ניט געלאסען; צוטומעלט, צומישט, אין פערלעגענהייט.

uncollec'tible *a.* (אנ-קא-לעק'-טיבל) וואס קען ניט געזאמעלט ווערען; וואס קען ניט איינגעמאהנט ווערען.

uncol'onized *a.* (אנ-קאל'-א-נאיזד) ניט קאלאניזירט.

uncol'ored *a.* (אנ-קאל'-ארד) אהן קאליר, ניט געפארבט; ניט פערוואלקענט, העל, ליכטיג; קלאר; ווייס; ניט איבערטריבען, ריכטיג; ניט צוגעפארבט; ניט בעפוצט; פשוט, איינפאך.

uncombed' *a.* (אנ-קאומד') אונגעקעמט, צושויבערט; ניט געבארשטען [וועגען פלאקס אדער וואל].

uncombi'nable *a.* (אנ-קאם-באי'-נעבל) אונפעראייניבאר; וואס לאזט זיך ניט פעראייניגען; וואס מען קען ניט קאמבינירען.

uncombined' *a.* (אנ-קאם-באינד') ניט פערבונדען.

uncomeat'able *a.* (אנ-קאם-עט'-עבל) אונדערגרייכבאר; צו וועמען מען קען ניט צוקומען.

uncome'liness *n.* (אנ-קאמ'-לי-נעס) אונארטיגקייט; ניט ליעבליכקייט; אונפאסיגקייט; אונאנשטענדיגקייט.

uncome'ly *a.* (אנ-קאמ'-לי) אונארטיג; ניט שעהן, ניט ליעבליך, אהן חן; אונפאסיג; אונאנשטענדיג.

uncom'fortable *a.* (אנ-קאמ'-פאר-טעבל) אונאנגענעהם; אונבעקוועם; בעאונרוהיגענד; אונרוהיג.

uncom'fortableness *n.* (אנ-קאמ'-פאר-טעבל-נעס) אונאנגענעהמליכקייט; אונבעקוועמליכקייט; אונרוהיגקייט; אונגליקליכקייט.

uncom'fortably *adv.* (אנ-קאמ'-פאר-טע-בלי) אויף אן אונאנגענעהמען אדער אונבעקוועמען אופן; מיט אונבעקוועמליכקייט אדער אונרוהיגקייט.

uncom'forted *a.* (אנ-קאמ'-פאר-טעד) אהן טרייסט; ניט דערקוויקט.

uncomman'ded *a.* (אנ-קא-מענ'-דעד) ניט בעפעהלט; ניט קאמאנדעוועט; ניט בעהערשט.

uncommem'orated *a.* (אנ-קא-מעמ'-א-ריי-טעד) ניט ערינערט; ניט געפייערט [וועגען איינעמס אנדענקען].

uncommenced' *a.* (אנ-קא-מענסט') ניט אנגעפאנגען, ניט אנגעהויבען.

uncommen'dable *a.* (אנ-קא-מענ'-דעבל) וואס איז ניט ווערטה צו לויבען, ניט לויבענסווערטה; וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען; אונווירדיג.

uncommen'ded *a.* (אנ-קא-מענ'-דעד) ניט געלויבט.

uncommen'surable *a.* (אנ-קא-מענ'-שו-רעבל) ז. *incommensurable*.

uncommen'surate *a.* (אנ-קא-מענ'-שו-רייט) ז. *incommensurate*.

uncommer'cial *a.* (אנ-קא-מויר'-שעל) ניט קויפמעניש, ניט סוחר'יש, ניט קאמערציעל.

uncommer'cially *adv.* (אנ-קא-מויר'-שעל-אי) ניט סוחר'יש, ניט קאמערציעל.

uncommis'erated *a.* (אנ-קא-מיז'-ע-ריי-טער) וואס רופט ניט ארויס קיין מיטלייד.

uncommis'sioned *a.* (אנ-קא-מיש'-אנד) ניט בעאויפטראגט; ניט בעפאלמעכטיגט.

uncommit'ted *a.* (אנ-קא-מיט'-עד) ניט בעגאנגען [ווי א פערברעכען]; ניט געמאכט [ווי א פעהלער]; ניט איבערגעגעבען, ניט אנפערטרויט; ניט איבערגעגעבען צו א קאמיטעט; ניט פערפליכטעט.

uncom'mon *a.* (אנ-קאמ'-אן) זעלטען, אויסערארדענטליך; מערקווירדיג.

uncom'monly *adv.* (אנ-קאמ'-אנ-לי) אונגעוועהנליך, זעלטען.

uncom'monness *n.* (אנ-קאמ'-אנ-נעס) אונגעוועהנליכקייט, זעלטענהייט.

uncommu'nicable *a.* (אנ-קא-מיו'-ני-קעבל) ז. *incommunicable*.

uncommu'nicated *a.* (אנ-קא-מיו'-ני-קיי-טעד) ניט מיטגעטיילט; וואס האט ניט אנטייל גענומען אין הייליגען אבענדמאהל [ז. *communion*].

uncommu'nicative *a.* (אנ-קא-מיו'-ני-קיי-טיוו) וואס איז ניט גענייגט מיטצוטיילען אדער צו דערצעהלען; צוריקגעהאלטען, שווייגיג, ניט רעדעוודיג.

uncommu'nicativeness *n.* (אנ-קא-מיו'-ני-קיי-טיוו-נעס) דאס זיין צוריקגעהאלטען; דאס ניט זיין רעדעוודיג.

uncommu'ted *a.* (אנ-קא-מיו'-טעד) ניט אומגעענדערט, ניט פערביטען, ניט אויסגעטוישט, ניט אויסגעוועקסעלט.

uncompact' *a.* (אנ-קאם-פעקט') ז. *incompact*.

uncompac'ted *a.* (אנ-קאם-פעק'-טעד) ז. *incompacted*.

uncompan'ionable *a.* (אנ-קאם-פענ'-יאנ-עבל) ניט געזעליג, מיט וועלכען מען קען ניט זיין חבר, ניט אנגענעהם אין געזעלשאפט.

uncompan'ioned *a.* (אנ-קאם-פענ'-יאנד) אהן א בעגלייטער, אונבעגלייטעט, איינזאם.

uncompas'sionate *a.* (אנ-קאם-פעש'-אנ-אייט) מיטליידסלאז, אהן רחמנות, אהן מיטגעפיהל.

uncompel'lable *a.* (אנ-קאם-פעל'-עבל) וואס קען ניט געצוואונגען ווערען.

uncompelled' *a.* (אנ-קאם-פעלד') ניט געצוואונגען, ניט גענויט, פרייוויליג.

uncom'pensated *a.* (אנ-קאמ'-פענ-סיי-טעד) ניט בעלוינט, ניט פערגיטיגט.

uncompet'itive *a.* (אנ-קאם-פעט'-אי-טיוו) וואס קאנקורירט ניט.

uncomplai'ning *a.* (אנ-קאם-פליי'-נינג) זיך ניט בעקלאגענד, וואס בעקלאגט זיך ניט, אהן בעקלאגונג.

uncomplai'ningly *adv.* (אנ-קאם-פליי'-נינג-לי) ניט בעקלאגענדיג זיך, אהן בעקלאגונג.

uncom'plaisant *a.* (אנ-קאמ'-פלע-זענט) ניט געפעליג, אונהעפליך, אונפריינדליך.

uncom'plaisantly *adv.* (אנ-קאמ'-פלע-זענט-לי) אויף אן אונגעפעליגען אדער אונהעפליכען שטייגער.

uncomplete' *a.* (אנ-קאם-פלים') ז. *incomplete*.

uncomple'ted *a.* (אנ-קאם-פלי'-טעד) ניט פערענדיגט, ניט פאלשטענדיג.

uncompli'ant *a.* (אנ-קאם-פלאי'-ענט) ז. *incompliant*.

uncompli'antly *adv.* (אנ-קאם-פלאי'-ענט-לי) ז. *incompliantly*.

uncom'plicated *a.* (אנ-קאמ'-פלי-קיי-טעד) ניט קאמפליצירט, ניט פערפלאנטערט.

uncomplimen'tary *a.* (אנ-קאם-פלי-מענ'-טע-רי) ניט שמייכעלהאפט, ניט חניפה'דיג; ניט העפליך.

uncom'plimented *a.* (אנ-קאמ'-פלי-מענ-טעד) ניט גראטולירט.

uncomply'ing *a.* (אנ-קאם-פלאי'-אינג) ניט נאכגעביג.

uncomply'ingly *adv.* (אנ-קאם-פלאי'-אינג-לי) ניט נאכגעביג.

uncomposed' *a.* (אנ-קאם-פאוזד') ניט געלאסען; אונרוהיג, אויפגערעגט; ניט בערוהיגט [וועגען א שטרייט].

uncompoun'ded *a.* (אנ-קאם-פאונ'-דעד) ניט צוזאמענגעזעצט, ניט צוזאמענגעמישט; איינפאך; ניט קאמפליצירט.

uncompoun'dedly *adv.* (אנ-קאם-פאונ'-דעד-לי) ניט צוזאמענגעזעצט, ניט צוזאמענגעמישט; איינפאך; ניט קאמפליצירט.

uncompoun'dedness *n.* (אנ-קאם-פאונ'-דעד-נעס) איינפאכקייט.

uncomprehen'ded *a.* (אנ-קאם-פרי-הענ'-דעד) ניט בעגריפען; ניט ענטהאלטען, ניט אריינגענומען, ניט איינגעשלאסען.

uncomprehen'sible *a.* (אנ-קאם-פרי-הענ'-סיבל) ז. *incomprehensible*.

uncomprehen'sive *a.* (אנ-קאם-פרי-הענ'-סיוו) ניט פיעל אומפאסענד, וואס ענטהאלט ניט פיעל.

uncompressed' *a.* (אנ-קאם-פרעסט') ניט צוזאמענגעדריקט, ניט צונויפגעפרעסט.

uncom'promised *a.* (אנ-קאמ'-פרא-מאיזד) ניט אויסגעגליכען דורך א קאמפראמיס, ניט געבראכט צו א פשרה.

uncom'promising *a.* (אנ-קאמ'-פרא-מאי-זינג) אונבויגזאם, וואס געהט ניט איין אויף בעדינגונגען, וואס מאכט ניט קיין קאמפראמיסען אדער פשרות, ניט נאכגעביג.

uncompu'ted *a.* (אנ-קאם-פיו'-טעד) ניט בערעכענט.

unconcea'lable *a.* (אנ-קאנ-סיע'-לעבל) וואס מען קען ניט פערבארגען אדער בעהאלטען.

unconcealed' *a.* (אנ-קאנ-סיעלד') ניט פערבארגען, ניט בעהאלטען.

unconce'ded *a.* (אנ-קאנ-סי'-דעד) ניט ערלויבט; ניט נאכגעגעבען; ניט אנערקענט [אלס א רעכט אדער אלס ריכטיג].

unconcei'vable *a.* (אנ-קאנ-סיע'-וועבל) ז. *inconceivable*.

unconcei'vably *adv.* (אנ-קאנ-סיע'-וועבלי) ז. *inconceivably*.

unconceived' *a.* (אנ-קאנ-סיעווד') ניט בעגריפען, ניט פערשטאנען; ניט געדענקט, ניט פארגעשטעלט.

unconcern' *n.* (אנ-קאנ-סוירן') גלייכגילטיגקייט.

unconcerned' *a.* (אנ-קאנ-סוירנד') ניט בעקימערט, וואס קימערט זיך ניט, וואס עס ארט איהם ניט; ניט פעראינטערעסירט.

unconcer'nedly *adv.* (אנ-קאנ-סויר'-נעד-לי) גלייכגילטיג; ניט בעקימערט, ניט פעראינטערעסירט.

unconcer'nedness *n.* (אנ-קאנ-סויר'-נעד-נעס) גלייכגילטיגקייט.

unconcern'ment *n.* (אנ-קאנ-סוירנ'-מענט) גלייכגילטיגקייט.

unconcil'iatory *a.* (אנ-קאנ-סיל'-אי-

ע-טא-רי) ניט אויסגלייכענדיג, ניט איבערבעטענדיג, ניט שלום־מאכענדיג.

unconcoc'ted *a.* (אנ-קאנ-קאק'-טעד) ניט רייף; אונפערדייט.

uncondem'nable *a.* (אנ-קאנ-דעמ'-נעבל) ניט צו פערדאמען.

uncondemned' *a.* (אנ-קאנ-דעמנד') ניט פערדאמט; ניט פעראורטיילט, ניט ערקלערט אלס ווערטהלאז אדער שעדליך.

unconden'sable *a.* (אנ-קאנ-דענ'-סעבל) ז. *incondensable*

uncondensed' *a.* (אנ-קאנ-דענסט') ניט פערדיכטעט.

uncondi'tional *a.* (אנ-קאנ-דיש'-אנ-על) אונבעדינגט, אהן בעדינגונגען, אבסאלוט.

unconditional'ity *n.* (אנ-קאנ-דיש-אנ-על'-אי-טי) אונבעדינגטקייט, אבסאלוטקייט.

uncondi'tionally *adv.* (אנ-קאנ-דיש'-אנ-על-אי) אונבעדינגט, אהן בעדינגונגען.

uncondi'tioned *a.* (אנ-קאנ-דיש'-אנד) ניט אונטערוואָרפען קיינע בעדינגונגען, אונבעדינגט; אין פילאזאפיע — אבסאלוט; ניט בעגרענעצט אדער בעשרענקט פון צייט און רוים.

unconfed'erated *a.* (אנ-קאנ-פעד'-ער-איי-טעד) ניט פערבונדען, ניט פעראייניגט.

unconferred' *a.* (אנ-קאנ-פוירד') ניט געשאנקען, ניט געגעבען [במתנה], ניט בעוויליגט.

unconfiden'tial *a.* (אנ-קאנ-פי-דענ'-שעל) ניט קאנפידענציעל, ניט פערטרויליך.

unconfiden'tially *adv.* (אנ-קאנ-פי-דענ'-שעל-אי) אהן פערטרויען.

unconfi'ding *a.* (אנ-קאנ-פאי'-דינג) אהן צוטרויען, אהן בטחון.

unconfi'nable *a.* (אנ-קאנ-פאי'-נעבל) וואס קען ניט בעגרענעצט אדער בעשרענקט ווערען.

unconfined' *a.* (אנ-קאנ-פאינד') אונבעגרענעצט, אונבעשרענקט; אונגעצוואונגען.

unconfi'nedly *adv.* (אנ-קאנ-פאי'-נעד-לי) אונבעגרענעצט, אונבעשרענקט; אונגעצוואונגען.

unconfirmed' *a.* (אנ-קאנ-פוירמד') ניט בעשטעטיגט, ניט בעקרעפטיגט, ניט בעפעסטיגט; ניט קאנפירמירט [ניט אריינגעבראכט אין דעם בונד פון א רעליגיאן, ווי ביי בר־מצוה]; ניט פעסט; שוואך; אונענטשלאסען.

unconform' *a.* (אנ-קאנ-פאהרם') אונעהנליך, ניט גלייכפערמיג.

unconformabil'ity *n.* (אנ-קאנ-פאהר-מע-ביל'-אי-טי) אונעהנליכקייט; אין געאלאגיע — די ניט־פאראלעלע ריכטונג פון צוויי שיכטען וועלכע ליעגען איינע איבער דער אנדערער.

unconfor'mable *a.* (אנ-קאנ-פאהר'-מעבל) ניט אין איינקלאנג, ניט פאסענד; אין געאלאגיע — ניט געלעגט פאראלעל [וועגען ערד־שיכטען].

unconfor'mableness *n.* (אנ-קאנ-פאהר'-מעבל-נעס) ז. *unconformability*

unconfor'mably *adv.* (אנ-קאנ-פאהר'-מע-בלי) אויף א ניט־פאסענדען אופן, ניט אין איינקלאנג; אין געאלאגיע — ניט געלעגט פאראלעל [וועגען שיכטען].

unconformed' *a.* (אנ-קאנ-פאהרמד') ניט צוגעפאסט, ניט עהנליך.

unconfor'mity *n.* (אנ-קאנ-פאהר'-מי-טי) ניט צוגעפאסטקייט, דאס ניט זיין אין איינקלאנג אדער איינשטימונג.

unconfused' *a.* (אנ-קאנ-פיוזד') ניט צומישט, ניט פערפלאנטערט; קלאר; זיך ניט פערלארען, ניט אין פערלעגענהייט, ניט צוטומעלט.

unconfu'table *a.* (אנ-קאנ-פיו'-טעבל) וואס קען ניט אבגעלייקענט ווערען, וואס מען קען ניט בעווייזען אז עס איז ניט ריכטיג.

uncongeal'able *a.* (אנ-קאנ-דזשיעל'-עבל) וואס קען ניט פערפרארען אדער פערגליווערט ווערען; וואס קען ניט פערהארטעוועט ווערען.

uncongealed' *a.* (אנ-קאנ-דזשיעלד') ניט פערפרארען, ניט פערגליווערט; ניט געווארען הארט.

unconge'nial *a.* (אנ-קאנ-דזשי'-ניעל) ניט עהנליך, ניט צוגעפאסט, ניט גלייך, ניט פערוואנדט.

uncongenial'ity *n.* (אנ-קאנ-דזשי-ני-על'-אי-טי) אונעהנליכקייט, ניט צוגעפאסטקייט, דאס ניט זיין פערוואנדט.

unconges'ted *a.* (אנ-קאנ-דזשעס'-טעד) ניט צוזאמענגעדריקט, ניט שטארק צוזאמענגעפאקט; ניט צונויפגעזאמעלט אין איין ארט; ניט אנגעלאפען מיט בלוט אדער מאטעריע.

uncon'jugal *a.* (אנ-קאנ'-דזשו-געל) וואס בעלאנגט ניט צו הייראט; וואס אנבעלאנגט ניט צו די בעציהונגען צווישען מאן און פרוי.

unconnec'ted *a.* (אנ-קא-נעק'-טעד) ניט צוזאמענגעבונדען, ניט פעראייניגט.

unconnec'tedly *adv.* (אנ-קא-נעק'-טעד-לי) אהן פערבינדונג; אהן צוזאמענהאנג.

uncon'querable *a.* (אנ-קאנ'-קער-עבל) אונבעזיעגבאר, וואס קען ניט בעזיעגט ווערען.

uncon'querableness *n.* (אנ-קאנ'-קער-עבל-נעס) אונבעזיעגבארקייט, דאס ניט קענען בעזיעגט ווערען.

uncon'querably *adv.* (אנ-קאנ'-קער-ע-בלי) אויף אן אונבעזיעגבארען אופן, ניט בייצוקומען.

uncon'quered *a.* (אנ-קאנ'-קערד) ניט בעזיעגט, ניט בייגעקומען, ניט איינגענומען.

unconscien'tious *a.* (אנ-קאנ-שי-ענ'-שאס) ניט געוויסענהאפט, געוויסענלאז.

unconscien'tiously *adv.* (אנ-קאנ-שי-ענ'-שאס-לי) אויף א ניט־געוויסענהאפטען אופן.

uncon'scionable *a.* (אנ-קאנ'-שאנ-עבל) אונגעהויער, אויסערגעוועהנליך, אונמעסיג, איבערמעסיג, וואס האלט זיך ניט אין געוויסע גרענעצען; אונגערעכט; געוויסענלאז.

uncon'scionableness *n.* (אנ-קאנ'-שאנ-עבל-נעס) אונגעהויערקייט, אויסערגעוועהנליכקייט, אונמעסיגקייט, איבערמעסיגקייט; געוויסענלאזיגקייט.

uncon'scionably *adv.* (אנ-קאנ'-שאנ-ע-בלי) אויף אן איבערטריבענעם אדער אונזיניגען שטייגער.

uncon'scious *a.* (אנ-קאנ'-שאס) אונבעוואוסטזיניג; אונבעוואוסט, וואס ווייסט ניט, וואס בעגרייפט ניט, ניט זעלבסט־בעוואוסט; וואס מען פיהלט ניט אין זיך.

uncon'sciously *adv.* (אנ-קאנ'-שאס-לי) אונבעוואוסטזיניג, אהן בעוואוסטזיין.

uncon'ciousness *n.* (אנ-קאנ'-שאס-נעס) אונבעוואוסטזיניגקייט; אונבעוואוסטהייט, דאס ניט וויסען, דאס ניט בעגרייפען, דאס ניט זיין זעלבסט־בעוואוסט; ניט־פיהלונג, דאס ניט פיהלען אין זיך.

uncon'secrated *a.* (אנ-קאנ'-סי-קריי-טעד) ניט געהייליגט, ניט איינגעווייהט.

unconsen'ting *a.* (אנ-קאנ-סענ'-טינג) ניט איינוויליגענד; ניט נאכגעביג.

unconsequen'tial *a.* (אנ-קאנ-סי-קהווענ'-שעל) ז. *inconsequential*

unconser'vative *a.* (אנ-קאנ-סויר'-ווע-טיוו) ניט קאנזערוואטיוו.

unconsid'ered *a.* (אנ-קאנ-סיד'-ערד) ניט בעטראכט; ניט נאכגעדענקט; ניט אונטערזוכט; ניט גענומען אין אנבעטראכט.

unconsid'ering *a.* (אנ-קאנ-סיד'-ער-אינג) ניט בעטראכטענד, וואס נעהמט ניט אין אכט, אהן בעטראכטונג, אהן איבערלעגונג.

unconsol'atory *a.* (אנ-קאנ-סאל'-ע-טא-רי) ניט טרייסטענד.

unconsoled' *a.* (אנ-קאנ-סאולד') ניט געטרייסט.

unconso'ling *a* (אנ-קאנ-סאו'-לינג) ניט טרייסטענד.

unconstitu'tional *a.* (אנ-קאנ-סטי-טיו'-שאנ-על) ניט קאנסטיטוציאנעל, געגען דער קאנסטיטוציאן, וואס שטימט ניט מיט די געשריבענע גרונד־געזעצען.

unconstitutional'ity *n.* (אנ-קאנ-סטי-טיו-שאנ-על'-אי-טי) דאס ניט זיין קאנסטיטוציאנעל.

unconstitu'tionally *adv.* (אנ-קאנ-סטי-טיו'-שאנ-על-אי) אויף א ניט־קאנסטיטוציאנעלען אופן, געגען דער קאנסטיטוציאן.

unconstrained' *a.* (אנ-קאנ-סטריינד') ניט געצוואונגען; פרייוויליג.

unconstrai'nedly *adv.* (אנ-קאנ-סטריי'-נעד-לי) ניט געצוואונגענערהייד, פרייוויליג; ניט געצוואונגען, פריי.

unconstraint' *n.* (אנ-קאנ-סטריינט') אונגעצוואונגענהייט; רוהיגקייט.

unconstric'ted *a.* (אנ-קאנ-סטריק'-טעד) ניט צוזאמענגעצויגען, ניט צוזאמענגעדריקט, ניט צוזאמענגעפרעסט.

unconsul'ted *a.* (אנ-קאנ-סאל'-טעד) מיט וועמען מען האט זיך ניט בעראטען אדער מישב געווען, ביי וועמען מען האט ניט געפרעגט קיין עצה.

unconsumed' *a.* (אנ-קאנ-סיומד') ניט פערצעהרט; ניט פערברויכט; ניט אויסגעבראכט; ניט אויסגענוצט; ניט פערניכטעט.

uncon'summated *a.* (אנ-קאנ'-סאמ-איי-טעד) ניט פאלענדעט, ניט פערפאלקאמט, ניט פערפאלשטענדיגט.

uncontam'inate *a.* (אנ-קאנ-טעמ'-אי-נייט) ז. *uncontaminated*

uncontam'inated *a.* (אנ-קאנ-טעמ'-אי-ניי-טעד) אונבעפלעקט; ריין.

uncontemned' *a.* (אנ-קאנ-טעמד') ניט פעראכטעט.

uncon'templated *a.* (אנ-קאנ'-טעמ-פליי-טעד) ניט נאכגעדענקט, ניט בעטראכט; ניט בעאבאכטעט; ניט בעאבזיכטיגט.

unconten'ded *a.* (אנ-קאנ-טענ'-דעד) ניט בעשטריטען.

unconten'ding *a.* (אנ-קאנ-טענ'-דינג) ניט שטרייטענד, אהן שטרייט.

uncontes'table *a.* (אנ-קאנ-טעס'-טעבל) ז. *incontestable*

uncontes'ted *a.* (אַנ-קאַנ-טעס'-טעד) ניט בעשטריטען; וואָס איז ניט צום דיס-פוטירען, וואָס איז אָהן צווייפעל ריכטיג.

uncontrac'ted *a.* (אַנ-קאַנ-טרעק'-טעד) ניט צוזאַמענגעצויגען.

uncontradic'table *a.* (אַנ-קאַנ-טרע-דיק'-טעבל) וואָס קען ניט ווידערשפּראָכען ווערען, וואָס קען ניט בעשטריטען ווערען.

uncontradic'ted *a.* (אַנ-קאַנ-טרע-דיק'-טעד) ניט ווידערשפּראָכען, ניט בעשטרי-טען, ניט אָבגעלייקענט.

uncontradic'tedly *a.* (אַנ-קאַנ-טרע-דיק'-טעד-לי) ניט בעשטריטען.

uncon'trite *a.* (אַנ-קאַנ'-טראַיט) אָהן געוויסענסביסע; אָהן חרטה.

uncontrollabil'ity *n.* (אַנ-קאַנ-טראָ-לע-ביל'-אי-טי) אונקאָנטראָלירבאַרקייט, דאָס ניט קענען קאָנטראָלירט ווערען.

uncontrol'lable *a.* (אַנ-קאַנ-טראָ'-לעבל) אונקאָנטראָלירבאַר, וואָס לאָזט זיך ניט קאָנטראָלירען אָדער בעהערשען.

uncontrol'lably *adv.* (אַנ-קאַנ-טראָ'-לע-בלי) אונקאָנטראָלירבאַר, ניט זייענדיג אונטערוואָרפען אונטער אַ קאָנטראָלע.

uncontrolled' *a.* (אַנ-קאַנ-טראָולד') אונקאָנטראָלירט, ניט בעהערשט, פריי; וואָס קען ניט קאָנטראָלירט אָדער בע-הערשט ווערען.

uncontrol'ledly *adv.* (אַנ-קאַנ-טראָ'-לעד-לי) אָהן אַ קאָנטראָלע אָדער בעשרענ-קונג; אונבעשטריטען.

uncontrover'sial *a.* (אַנ-קאַנ-טרא-וואיר'-שעל) אָהן שטרייטיגקייטען אָדער וכוחים; ניט צו פּאָלעמיזירען, ניט פּאָ-לעמיש.

uncon'troverted *a.* (אַנ-קאַנ'-טרא-וואיר-טעד) ניט בעשטריטען.

uncontrover'tible *a.* (אַנ-קאַנ-טרא-וואיר'-טיבל) ז. *incontrovertible*

uncontrover'tibly *adv.* (אַנ-קאַנ-טרא-וואיר'-טי-בלי) ז. *incontrovertibly*

unconvened' *a.* (אַנ-קאַנ-ווינד') ניט פערזאַמעלט.

unconven'tional *a.* (אַנ-קאַנ-ווענ'-שאַנ-על) אונקאָנווענציאָנעל, וואָס איז ניט געניינט זיך צו האַלטען אַן אַלגעמיין-אָנגע-נומענע מנהגים; ניט פאָרמעל, אָהן צערע-מאָניעס; פריי.

unconventional'ity *n.* (אַנ-קאַנ-ווענ-שאַנ-על'-אי-טי) אונקאָנווענציאָנאַליטעט; דאָס ניט האַלטען זיך אַן די אָנגענומענע מנהגים פון דער געזעלשאַפט; אַן אונקאָנ-ווענציאָנעלע טהאַט.

unconven'tionally *adv.* (אַנ-קאַנ-ווענ'-שאַנ-על-אי) אונקאָנווענציאָנעל, ניט האַלטענדיג זיך אַן אַלגעמיין-אָנגענומענע מנהגים; ניט פאָרמעל, אָהן צערעמאָניעס.

unconver'sable *a.* (אַנ-קאַנ-וואיר'-סעבל) ניט געזעלשאַפטליך, ניט ריידעוו-דיג; צוריקגעהאַלטען.

uncon'versant *a.* (אַנ-קאַנ'-וואיר-סענט) וואָס איז ניט בעקאַנט מיט...

unconver'ted *a.* (אַנ-קאַנ-וואיר'-טעד) ניט בעקעהרט [צו אַן אַנדער גלויבען]; וואָס האָט ניט געטהאָן קיין תשובה; ניט פערוואַנדעלט.

unconvic'ted *a.* (אַנ-קאַנ-וויק'-טעד) ניט ערקלערט אַלס שולדיג [אין אַ פער-ברעכען]; ניט פעראורטהיילט.

unconvinced' *a.* (אַנ-קאַנ-ווינסט') ניט איבערצייגט.

unconvin'cible *a.* (אַנ-קאַנ-ווינ'-סיבל) ז. *inconvincible*

unconvin'cing *a.* (אַנ-קאַנ-ווינ'-סינג) ניט איבערצייגענד.

uncooked' *a.* (אַנ-קוקט') ניט געקאָכט.

uncop'ied *a.* (אַנ-קאַפּ'-איד) ניט אָב-געשריבען; ניט נאָכגעמאַכט; ניט קאָ-פּירט.

uncoquet'tish *a.* (אַנ-קאָ-קעט'-איש) ניט קאָקעטיש, אָהן קאָקעטעריי.

uncord' *v.* (אַנ-קאָהרד') אויפבינדען.

uncor'dial *a.* (אַנ-קאָהר'-דושעל) ניט הערצליך, ניט פריינדליך, קאַלט.

uncork' *v.* (אַנ-קאָהרק') אָבקאָרקעווען, אַרויסציהען אַ פּראָפּקע.

uncor'pulent *a.* (אַנ-קאָהר'-פּיו-לענט) ניט פעט, ניט דיק-לייביג.

uncorrect' *a.* (אַנ-קאָ-רעקט') ז. *incorrect*

uncorrec'ted *a.* (אַנ-קאָ-רעק'-טעד) ניט פערריכט, ניט אויסגעבעסערט.

uncorrob'orated *a.* (אַנ-קאָ-ראָב'-אָ-ריי-טעד) ניט בעקרעפטיגט, ניט בעשטע-טיגט.

uncorro'ded *a.* (אַנ-קאָ-ראָו'-דעד) ניט צופרעסען.

uncorrupt' *a.* (אַנ-קאָ-ראַפּט') ז. *incorrupt*

uncorrup'ted *a.* (אַנ-קאָ-ראַפּ'-טעד) אונפערדאָרבען, ריין, עהרליך; ניט פער-פעלשט; ניט אונטערגעקויפט; ניט צו-פוילט.

uncorrup'tedness *n.* (אַנ-קאָ-ראַפּ'-טעד-נעס) אונפערדאָרבענהייט, עהרליכ-קייט.

uncorrup'tible *a.* (אַנ-קאָ-ראַפּ'-טיבל) ז. *incorruptible*

uncorrupt'ly *adv.* (אַנ-קאָ-ראַפּט'-לי) ניט פערדאָרבען, עהרליך, אויף אַן עהר-ליכען אופן.

uncorrupt'ness *n.* (אַנ-קאָ-ראַפּט'-נעס) אונפערדאָרבענהייט, ריינקייט, עהר-ליכקייט.

uncost'ly *a.* (אַנ-קאָהסט'-לי) ניט קאָסט-באַר, ניט טייער.

uncoun'sellable *a.* (אַנ-קאַונ'-סעל-עבל) ניט ראַטזאַם.

uncoun'selled *a.* (אַנ-קאַונ'-סעלד) וואָס קען ניט קריעגען קיין עצה, אָהן אַ עצה.

uncoun'table *a.* (אַנ-קאַונ'-טעבל) אונ-צעהלבאַר, וואָס קען ניט געצעהלט ווערען.

uncoun'ted *a.* (אַנ-קאַונ'-טעד) אונגע-צעהלט; אָהן אַ צאָהל.

uncoun'tenanced *a.* (אַנ-קאַונ'-טע-נענסט) ניט בעגינסטיגט, ניט אונטער-שטיצט, ניט ערמוטיגט.

uncoun'terfeit *a.* (אַנ-קאַונ'-טער-פיט) ניט געפעלשט, ניט נאָכגעמאַכט, עכט.

uncoun'terfeited *a.* (אַנ-קאַונ'-טער-פי-טעד) ניט נאָכגעמאַכט, ניט געפעלשט, עכט.

uncounterman'ded *a.* (אַנ-קאַונ-טער-מענ'-דעד) ניט צוריקגערופען [אַ בע-פעהל].

uncoup'le *v.* (אַנ-קאַפּ'ל) לויז מאַכען; אָבטיילען, אָבזונדערען.

uncoup'led *a.* (אַנ-קאַפּ'לד) ניט גע-פּאָרט, ניט צוזאַמענגעשלאָסען [פּאָר-ווייז]; אונפערהייראַט.

uncour'teous *a.* (אַנ-קויר'-טי-אַס) אונהעפליך.

uncour'teously *adv.* (אַנ-קויר'-טי-אַס-לי) אויף אַן אונהעפליכער אַרט.

uncour'teousness *n.* (אַנ-קויר'-טי-אַס-נעס) אונהעפליכקייט.

uncourt'liness *n.* (אַנ-קאָורט'-לי-נעס) אונהעפליכקייט, גראָבקייט.

uncourt'ly *a.* (אַנ-קאָורט'-לי) וואָס איז ניט לויט די הויף-זיטען, ניט עלע-גאַנט; אונהעפליך, גראָב.

uncouth' *a.* (אַנ-קוהטה') זאָנדערבאַר, מאָדנע; אומגעלומפּערט; וואונדערליך; ניט גוט בעקאַנט, זעלטען.

uncouth'ly *adv.* (אַנ-קוהטה'-לי) זאָנ-דערבאַר, מאָדנע; אומגעלומפּערט.

uncouth'ness *n.* (אַנ-קוהטה'-נעס) מאָד-נעקייט; אומגעלומפּערטקייט.

uncov'enanted *a.* (אַנ-קאַוו'-ע-נענ-טעד) ניט פערשפּראָכען אָדער פערזיכערט דורך אַן אָבמאַך; ניט פערפּליכטעט דורך אַן אָבמאַך אָדער קאָנטראַקט; ניט פער-אייניגט אין אַ בונד אָדער ליגע; וואָס בעלאַנגט ניט צום קאָווענאַנט [דער בונד וואָס האָט זיך געגרינדעט אין שאָטלאַנד אין 17טען יאָהרהונדערט צו פערטיידיגען די פּרעסביטעריאַנישע קירך געגען דער אַנגליקאַנישער].

uncov'er *v.* (אַנ-קאַוו'-ער) אויפדעקען, אָבדעקען, ענטבלויזען, אויסטהאָן; אַראָב-נעהמען דעם הוט; מאַכען בעוואוסט.

uncov'ered *a.* (אַנ-קאַוו'-ערד) אָבגע-דעקט; אָהן אַ היטעל; ענטבלויזט, נאַקעט.

uncov'eted *a.* (אַנ-קאַוו'-ע-טעד) ניט בעגעהרט; צו וואָס מען האָט ניט קיין חשק, וואָס מען געלוסט ניט.

uncowl' *v.* (אַנ-קאַול') [דעם] אויפדעקען; מאַכען אויס קאָפּ אָדער דאָס געזיכט] [צונעהמענדיג דעם קאַפּושאָן אָדער קאַפּ-צורעק].

uncracked' *a.* (אַנ-קרעקט') ניט צו-פּלאַצט; ניט צושפּאָלטען; ניט צוריסען; ניט צובראָכען.

uncreate' *v.* (אַנ-קרי-אייט') פערניכ-טען.

uncrea'ted *a.* (אַנ-קרי-איי'-טעד) וואָס איז ניט בעשאַפען; וואָס איז נאָך ניט בעשאַפען.

uncred'itable *a.* (אַנ-קרעד'-אי-טעבל) ז. *discreditable*

uncred'itably *adv.* (אַנ-קרעד'-אי-טע-בלי) ז. *discreditably*

uncrit'ical *a.* (אַנ-קריט'-אי-קעל) ניט קריטיש, וואָס קריטיקירט ניט; וואָס קען ניט קריטיקירען.

uncrit'icizable *a.* (אַנ-קריט'-אי-סאַי-זעבל) וואָס קען ניט קריטיקירט ווערען.

uncrit'icized *a.* (אַנ-קריט'-אי-סאַיזד) ניט קריטיקירט.

uncrook'ed *a.* (אַנ-קרוק'-עד) ניט איינ-געבויגען, ניט קרום; גראָד, גלייך.

uncropped' *a.* (אַנ-קראָפּט') ניט אָב-געשניטען; ניט אָבגעריסען.

uncross' *v.* (אַנ-קראָהס') פונאַנדערנעה-מען [די פערלעגטע הענד אָדער פיס].

uncrossed' *a.* (אַנ-קראָהסט') ניט דורכ-געשטראָכען; ניט געהינדערט, ניט גע-שטערט, ניט ווידערשפּראָכען.

uncrow'ded *a.* (אַנ-קראַו'-דעד) ניט גע-דרענגט, ניט צונויפגעשפּאַרט; ניט אָנ-געפּאַקט; גראַם.

uncrown' *v.* (אַנ-קראַונ') אַוועקנעהמען די קרוין; מאַכען פּאַר אויס געקרוינט; דעגראַדירען.

uncrowned' *a.* (אַנ-קראַונד') ניט גע-קרוינט.

uncrush'able *a.* (אַנ-קראַש'-עבל) וואָס מען קען ניט צוקוועטשען, צוברעקלען אָדער צומאַלען; וואָס מען קען ניט דריקען, אונטערדריקען, גובר זיין, פערטיליגען

אדער א תל מאכען דערפון; וואס מען קען ניט צוקנייטשען אדער צוזאמענפרעסען.

uncrushed' *a.* (אנ-קראשט') ניט צוקוועטשט, ניט צוקנייטשט, ניט צובראכען, ניט צודריקט, ניט אונטערדריקט; ניט בעזיעגט.

uncrus'ted *a.* (אנ-קראס'-טעד) אהן קארע; אהן שאלעכץ.

uncrys'tallizable *a.* (אנ-קריס'-טעל-אי-זעבל) וואס קען ניט קריסטאליזירט ווערען.

uncrys'tallized *a.* (אנ-קריס'-טעל-איזד) ניט קריסטאליזירט.

unc'tion *n.* (אנק'-שאן) זאלבונג, דאס זאלבען, דאס שמירען מיט אויל; א באלזאם; א זאלב, א לינדערונגס-מיטעל; די ווארימקייט אדער הארציגקייט אין רעדען, וואס רופט ארויס בעגייסטערונג, עקסטאז אדער ריהרענדע געפיהלען [איבערהויפט אין א רעליגיעזער רעדע]; רעליגיעזע בעגייסטערונג; ריהרענדע געפיהלען; געמאכטער עקסטאז, כלומר'שדיגע סענטימענטאליטעט.

unctuos'ity *n.* (אנק-טשו-אס'-אי-טי) ז. ***unctuousness***

unc'tuous *a.* (אנק'-טשו-אס) פעט, אויליג, זאלביג; וואס איז דורכגעדרונגען מיט א ווארימקייט וועלכע רופט ארויס א טיעפען געפיהל [ווי אין א רעליגיעזער רעדע]; וואס צייגט ארויס א געמאכטען אדער כלומר'שדיגען ריהרענדען געפיהל אדער עקסטאז.

unc'tuousness *n.* (אנק'-טשו-אס-נעס) פעטקייט, אוילינקייט; דאס זיין דורכגעדרונגען מיט א ווארימקייט וועלכע רופט ארויס א טיעפען געפיהל [ווי אין א רעליגיעזער רעדע]; דאס ארויסצייגען א געמאכטען אדער כלומר'שדיגען ריהרענדען געפיהל.

uncuck'olded *a.* (אנ-קאק'-אל-דעד) ניט בעטראגען, ניט אבגענארט [וועגען א מאן וואס זיין פרוי איז איהם טריי].

זען. ז. *virtuoso*
virtuos'ity *n.* (וויר-טו-אס׳-אי-טי)
קונסט=ליעבהאבערס, קונסט=קענערס; וויר=
טואזיטעט, קונסט=פאלקאמענהייט, העכ=
סטע פאלקאמענהייט אין דער טעכניק פון
א קונסט.
virtuo'so *n.* (וויר-טו-או׳-סאו) א
קונסט=קענער, א קונסט=ליעבהאבער; א
זאמלער פון קונסטווערק אדער אנטיק=זא=
כען; א ווירטואז, א גרויסער קינסטלער
[איינער וואס בעזיצט פאלקאמען די טעכ=
ניק פון א קונסט, הויפטזעכליך פון מו=
זיק].
virtuo'soship *n.* (וויר-טו-או׳-סאו-
שיפ) ווירטואזיטעט, קונסט=פאלקאמענ=
הייט, העכסטע פאלקאמענהייט אין דער
טעכניק פון א קונסט; ליעבע צו קונסט;
קונסט=געשמאק.
vir'tuous *a.* (וואיר׳-טשו-אס) טוגענד=
האפט; רעכטפערטיג, גערעכטיג; צניעות=
דיג, אונשולדיג, ריין [הויפטזעכליך ווע=
גען פרויען].
vir'tuously *adv.* (וואיר׳-טשו-אס-לי)
אויף א טוגענדהאפטען שטייגער; אויף
אן עהרענווירדיגער ארט; מיט צניעות,
אויף א ריינעם אדער אונשולדיגען אופן.
vir'tuousness *n.* (וואיר׳-טשו-אס-נעס)
טוגענדהאפטיגקייט; ריינקייט, צניעות,
אונשולדיגקייט.
vir'ulence *n.* (וויר׳-או-לענס) גיפטיג=
קייט; ביטערקייט; בייזקייט, שלעכטקייט;
א ביטערער האס.
vir'ulency *n.* (וויר׳-או-לענ-סי)
ז. *virulence*
vir'ulent *a.* (וויר׳-או-לענט) גיפטיג;
אנשטעקענד; שעדליך, געפעהרליך; בייז,
שלעכט, ביטער.
vir'ulently *adv.* (וויר׳-או-לענט-לי)
גיפטיג; בייז, שלעכט, ביטער.
vi'rus *n.* (וואי׳-ראס) קראנקהייטס=גיפט,
אנשטעקונגס=שטאף [דער שטאף דורך
וועלכען מען שטעקט זיך אן פון א קראנ=
קען]; ביטערקייט, בייזקייט, שלעכטקייט.
vis *n.* (ווים) קראפט.
vis'age *n.* (וויז׳-עדזש) דאס געזיכט;
דער אנבליק, דאס אויסזעהן, דער גע=
זיכטס=אויסדרוק.
vis'aged *a.* (וויז׳-עדזשד) מיט א גע=
זיכט, מיט אן אויסזעהן.
The explorer found a brown **visaged** race.
vis'-à-vis' *adv., a. and n.* (וויעז׳-א-
וויע׳) וויז=א=ווי, געגענאיבער, פנים אל
פנים; עטוואס וואס איז אדער שטעהט
געגענאיבער; איינער וואס שטעהט מיט׳ן
געזיכט צו אן אנדערען; אזא לייכטע קא=
רעטע פאר צוויי אדער פיער פערזאנען
צו זיצען איינע נעגען די אנדערע; א
זאפא, וועלכע איז געמאכט אזוי, אז די
פערזאנען זיצען אויף איהר איינע נעגען
די אנדערע.
viscach'a *n.* (ווים-קעטש׳-א) א ווים=
קאכא [אזא אמעריקאניש גריזשענד
חיה׳לע].
viscache'ra *n.* (ווים-קע-טשיי׳-רא) א
רייה נעסטען פון וויסקאכאס.
ז. *viscacha*
vis'cera *n.* (ווים׳-ע-רא) אינגעווייד, גע=
דערים [ז. *viscus*]; די ארגאנען וואס
געפינען זיך אין א גרויסען חלל פון קער=
פער [ווי למשל, דער מארך, דאס הארץ
אדער דער לעבער].
ז. איל. *"Bloodvessels of the Human Body"*
vis'ceral *a.* (ווים׳-ע-רעל) וואס גע=
הערט צום אינגעווייד אדער אנדערע אר=
גאנען, וועלכע געפינען זיך אין א גרויסען
חלל פון קערפער; וואס ענטהאלט די גערע=
רים אדער אינגעווייד; וואס איז שייך
צו דער ברוסט=זייט אדער בויך=זייט פון
קערפער, וואס געפינט זיך אויף דער
ברוסט=זייט פון קערפער [אין געגענזאץ
צו דער רוקען=זייט].
vis'cerate *v.* (ווים׳-ע-רייט) ארויס=
נעהמען די גערערים.
vis'cid *a.* (ווים׳-איד) קלעפעדיג, קלע=
פיג, קלייאיג.
viscid'ity *n.* (ווי-סיד׳-אי-טי) קלעפע=
דיגקייט, קלעפיגקייט, קלייאיגקייט.
viscom'eter *n.* (ווים-קאמ׳-ע-טער)
ז. *viscosimeter*
viscom'etry *n.* (ווים-קאמ׳-ע-טרי) דאס
בעשטימען די קלעפיגקייט פון א פלי=
סיגקייט.
viscosim'eter *n.* (ווים-קאו-סימ׳-ע-
טער) אן אפאראט צו בעשטימען די קלע=
פיגקייט פון א פליסיגקייט [ווי למשל,
פון אויל].
viscosimet'ric *a.* (ווים-קאו-סי-מעט׳-
ריק) וואס איז שייך צו אן אפאראט וואס
בעשטימט די קלעפיגקייט פון א פליסיג=
קיים.
viscosimet'rical *a.* (ווים-קאו-סי-
מעט׳-רי-קעל) ז. *viscosimetric*
viscos'ity *n.* (ווים-קאס׳-אי-טי)
ז. *viscidity*
vis'count *n.* (וואי׳-קאונט) א וויקאנט
[אן אדעל=טיטול, צווישען גראף און בא=
ראן]; א טיטול פון א גראף׳ס זוהן.
vis'countcy *n.* (וואי׳-קאונט-סי) דער
ראנג פון א וויקאנט. ז. *viscount*
vis'countess *n.* (וואי׳-קאונ-טעס) א
וויקאנטעסע [אן אדעל=טיטול פון א פרוי,
צווישען גרעפין און באראנעסע].
vis'countship *n.* (וואי׳-קאונט-שיפ)
דער ראנג פון א וויקאנט. ז. *viscount*
vis'county *n.* (וואי׳-קאונ-טי)
ז. *viscountship*
vis'cousness *n.* (ווים׳-קאס-נעס)
ז. *viscosity*
vis'cus *n.* (ווים׳-קאס) איינער פון די
קערפער=טיילען וואס ליעגען אין א קער=
פער=חלל. ז. *viscera*
vise *n. and v.* (וואים) א שרויף=
שטאק [אזא געצייג
עטוואס איינצוקלע=
מען אום צו האלטען
עס פעסט אין דער
צייט וואס עס ווערט
בעארבייט]; איינ=
קלעמען אין א שרויף=שטאק.

Vises

visé' *v. and n.* (ווי-זיי׳) וויזירען,
דורכזעהן און בעשטעטיגען [ווי למשל,
א פאספארט]; א וויזא, אן אפיציעלע
בעשטעטיגונג [פון א פאספארט].
vise'-bench *n.* (וואים׳-בענטש) א
שרויף=שטאק=באנק, א ווערק=טיש צו וועל=
כען א שרויף=שטאק [ז. *vise*] ווערט
בעפעסטיגט.
vise'man *n.* (וואים׳-מען) איינער וואס
ארבייט ביי א שרויף=שטאק.
Vish'nu *n.* (וויש׳-נוה) וויישנו [אין דער
אינדישער מיטאלאגיע — איינער פון די
דריי גאטהייטען (בראהמא, סיווא און
ווישנו), די פערקערפערונג פון דער זון
און פון גוטס].
visibil'ity *n.* (וויז-אי-ביל׳-אי-טי)
זיכטבארקייט, בעמערקבארקייט, דאס קע=
נען געזעהן אדער בעמערקט ווערען.
vis'ible *a. and n.* (וויז׳-איבל) זיכט=
באר, וואס מען קען זעהן; בעמערקליך;
אויגענשיינליך; דייטליך; אפענבאר; א
זיכטבארע זאך.
vis'ibleness *n.* (וויז׳-איבל-נעס)
ז. *visibility*
vis'ibly *adv.* (וויז׳-אי-בלי) זיכטבאר,
בעמערקליך; אויגענשיינליך, איינפאך,
דייטליך, קלאר, אפענבאר.
vis iner'tiæ (ווים אינ-אויר׳-שי-אי)
ז. *inertia*
vi'sion *n. and v.* (וויזש׳-אן) די זעה=
קראפט, די ראיה; דאס זעהן; אן ער=
שיינונג; דאס געזעהענע; א זעהונג, א
פראפעטישע זעהונג; א חלום, א טרוים;
א פאנטאסטישעס בילד; אן אילוזיאן;
א פאנטאזיע, אן איינבילדונג, א פארשטע=

לונג; זיך פארשטעלען; פאנטאזירען, טרוימען, חלום'ען.

vi'sional *a.* (וויזש'-אנ-על) וואס איז שייך צו א זעהונג, חלום אדער פאנטאזיע; וואס איז געזעהן אין חלום אדער פאנטאזיע; ניט רעאל, ניט ווירקליך.

vi'sionariness *n.* (וויזש'-אנ-ע-רי-נעס) איינגעבילדעטקייט, דאס עקזיסטירען נור אין דער איינבילדונג, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; פאנטאסטישקייט; אונאויספיהרבארקייט, אונמעגליכקייט; אונפראקטישקייט; דאס חלום'ען, דאס טרוימען, דאס פאנטאזירען.

vi'sionary *a. and n.* (וויזש'-אנ-ע-רי) איינגעבילדעט, וואס עקזיסטירט נור אין דער איינבילדונג, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט; ראמאנטיש, טרוימעריש, פאנטאסטיש; אונאויספיהרבאר, אונמעגליך; אונפראקטיש; חלום'ענד, טרוימענד, פאנטאזירענד; רייך אין פאנטאזיעס; מיט א שטארקער פאנטאזיע; א גייסטערזעהער; א פאנטאסט; א טרוימער, א בעל=חלומות, א פאנטאזיאר.

vi'sionist *n.* (וויזש'-אנ-איסט) א גייסטער=זעהער, א פאנטאסט.

vi'sionless *a.* (וויזש'-אנ-לעס) אהן א ראיה, בלינד.

vis'it *v. and n.* (וויז'-איט) בעזוכען, אבשטאטען א בעזוך; מאכען וויזיטען; טרעפען [ווי מיט א קראנקהייט אדער אונגליק]; בעזעהן, בעקוקען; אונטערזוכען; משפט'ען; בעשטראפען; א וויזיט, א בעזוך; אן אפיציעלער בעזוך.

vis'itable *a.* (וויז'-אי-טעבל) וואס דארף אדער קען אונטערזוכט ווערען.

vis'itant *n. and a.* (וויז'-אי-טענט) א בעזוכער; א וואנדער=פויגעל [וואס האלט זיך אויף אין א געוויסער געגענד בלויז א געוויסע צייט]; בעזוכענד.

Vis'itant *n.* (וויז'-אי-טענט) א מיטגליעד פון א געוויסען קאטוילישען מאנאשקעס=ארדען.

visita'tion *n.* (וויז-אי-טיי'-שאן) דאס ב'עזוכען; א בעזוך, א וויזיט; א בעזיכטיגונג, אן אינספעקציאן, א דורכזוכונג; אן אפיציעלער וויזיט וואס א בעאמטער מאכט אין אן אינסטיטוציאן פאר דעם צוועק פון אן אונטערזוכונג; די געטליכע היימזוכונג, די געטליכע פערטיילונג פון גנאד אדער שטראף; גאט'ס משפט; גאט'ס שטראף; א פאסירונג, א געשעהעניש.

Visita'tion *n.* (וויז-אי-טיי'-שאן) די מאריע=בעזוכונג [א קריסטליכער יום טוב דעם 2טען יוני].

visitato'rial *a.* (וויז-אי-טיי-טאו'-רי-על) ז. *visitorial*

vis'it-card *n.* (וויז'-איט-קארד) ז. *visiting-card*

vis'it-day *n.* (וויז'-איט-דיי) א בעזוכס=טאג [א טאג ווען מען נעהמט אויף געסט].

vis'iter *n.* (וויז'-אי-טער) ז. *visitor*

vis'iting *n. and a.* (וויז'-אי-טינג) דאס מאכען וויזיטען; אן איינפלוס, א ווירקונג; אן אימפולס, אן אנרעגונג; בעזוכענד; וואס איז בעפאלמעכטיגט צו קומען מאכען אן אונטערזוכונג.

vis'iting-book *n.* (וויז'-אי-טינג-בוק) א וויזיט=בוך [א בוך אין וועלכען עס ווערען פערצייכענט די בעזוכען וואס זיינען געמאכט געווארען אדער וואס דארפען געמאכט ווערען].

vis'iting-card *n.* (וויז'-אי-טינג-קארד) א וויזיט=קארטע.

vis'iting-day *n.* (וויז'-אי-טינג-דיי) א וויזיט=טאג [א טאג ווען איינער נעהמט אויף בעזוכער].

vis'itor *n.* (וויז'-אי-טאר) א בעזוכער; אן אינספעקטאר, אן אונטערזוכער.

visito'rial *a.* (וויז-אי-טאו'-רי-על) וואס איז שייך צו אן אונטערזוכער אדער אונטערזוכונג.

visito'rial pow'er (וויז-אי-טאו'-רי-על פאו'-ער) אונטערזוכונגס=רעכט, דאס רעכט צו קומען מאכען אן אונטערזוכונג.

vis'itress *n.* (וויז'-איט-רעס) א בעזוכערין.

vi'sive *a.* (וואי'-סיוו) וואס איז שייך צו דער זעה=קראפט אדער ראיה.

visne *n.* (וויען) א נאכבארשאפט, וואו א פערברעכען איז בעגאנגען געווארען.

vis'or *n.* (וויז'-אר) ז. *vizor*

vis'ored *a.* (וויז'-ארד) ז. *vizored*

vis'orless *a.* (וויז'-אר-לעס) ז. *vizorless*

vis'ta *n.* (וויס'-טא) א דורכזיכט [ווי למשל, דורך א בוימער=אלעע]; דאס וואס בילדעט אן אלעע [ווי למשל, בוימער]; אן אויסזיכט; א בילד [פארגעשטעלט אין געדאנק].

vis'ual *a.* (וויזש'-יו-על) וואס געהערט אדער דיענט צום זעהן, וואס געהערט צו דער זעהונגס=קראפט; זיכטבאר, וואס מען קען זעהן.

vis'ual an'gle (וויזש'-יו-על ענגל) דער זעה=ווינקעל [דער ווינקעל וואס בילדעט זיך פון צוויי זיך=שניידענדע שטראהלען געצויגען פון די ענד=פונקטען פון א געגענשטאנד צו דעם געזיכטס=פונקט פון אויג].

visualisa'tion *n.* (וויז-יו-על-אי-זיי'-שאן) ז. *visualization*

vis'ualise *v.* (וויזש'-יו-על-איז) ז. *visualize*

visual'ity *n.* (וויזש-יו-על'-אי-טי) זיכטבארקייט, דאס קענען געזעהן ווערען; א בילד [פארגעשטעלט אין געדאנק].

visualiza'tion *n.* (וויז-יו-על-אי-זיי'-שאן) דאס מאכען אדער ווערען זיכטבאר [אין געדאנקען אדער פארשטעלונגען], דאס פארשטעלען זיך אין געדאנק, דאס פארשטעלען זיך פאר די אויגען; א בילד פארגעשטעלט אין געדאנק.

vis'ualize *v.* (וויזש'-יו-על-איז) מאכען זיכטבאר [אין געדאנק אדער פארשטעלונג], זיך פארשטעלען אין געדאנק, זיך פארשטעלען פאר די אויגען.

vis'ually *adv.* (וויזש'-יו-על-אי) וואס איז שייך צום זעהן.

vis'ual nerve (וויזש'-יו-על נירוו) דער זעה=נערוו.

vis'ual point (וויזש'-יו-על פאינט) אין פערספעקטיוו=צייכנונג — דער זעה=פונקט, דער געזיכטס=פונקט, דער פונקט אין דער האריזאנטאלער ליניע אין וועלכער אלע זעה=שטראהלען פעראייניגען זיך [ז. *visual rays*].

vis'ual rays (וויזש'-יו-על רייז) זעה=שטראהלען [ליניען אדער ליכט=שטראהלען, וועלכע מען שטעלט זיך פאר, אז זיי ציהען זיך צום אויג פון א געגענשטאנד אויף וועלכען מען קוקט].

vi'tal *a.* (וואי'-טעל) פון לעבען, וואס געהערט צום לעבען; וואס איז דורכאויס נויטיג צום לעבען, וויכטיג פאר דעם לעבען, וואס אונטערהאלט דאס לעבען; העכסט נויטיג, זעהר וויכטיג; וואס איז געפעהרליך פאר'ן לעבען; לעבענד, וואס לעבט.

vi'tal force (וואי'-טעל פאורס) די לעבענס=קראפט.

vi'tal func'tions (וואי'-טעל פאנק'-שאנז) לעבענס=פונקציאנען [ווי די בלוט=צירקולאציאן, די פערדייאונג א. ז. וו.].

vitalisa'tion *n.* (וואי-טעל-אי-זיי'-שאן) ז. *vitalization*

vi'talise *v.* (וואי'-טעל-איז) ז. *vitalize*

vi'taliser *n.* (וואי'-טעל-אי-זער) ז. *vitalizer*

vi'talism *n.* (וואי'-טעל-איזם) וויטאליזם [די לעהרע אז די אורזאכע פון לעבען ליעגט אין א בעזונדערער לעבענס=קראפט, וועלכע איז ניט פיזיש און ניט מאטעריעל].

vi'talist *n.* (וואי'-טעל-איסט) א וויטאליסט [אן אנהענגער פון וויטאליזם]. ז. *vitalism*

vitalis'tic *a.* (וואי-טע-ליס'-טיק) וואס איז שייך צו וויטאליזם. ז. *vitalism*

vital'ity *n.* (וואי-טעל'-אי-טי) לעבענס=קראפט, לעבענס=פעהיגקייט.

vitaliza'tion *n.* (וואי-טעל-אי-זיי'-שאן) בעלעבונג.

vi'talize *v.* (וואי'-טעל-איז) בעלעבען, געבען לעבען.

vi'talizer *n.* (וואי'-טעל-אי-זער) איינער וואס בעלעבט אדער גיט לעבען, דאס וואס בעלעבט.

vi'tally *adv.* (וואי'-טעל-אי) 1. אזוי אז עס געהט אין לעבען; 2. געבענדיג לעבען; 3. אין די לעבענס=טיילען פון קערפער, בעשעדיגענדיג די וויכטיגסטע לעבענס=טיילען פון קערפער, שטערבליך, טויטליך, אויף טויט.

1. Our country is **vitally** affected by the European war.

vi'tal pow'er (וואי'-טעל פאו'-ער) די לעבענס=קראפט.

vi'tal prin'ciple (וואי'-טעל פרינ'-סיפל) דער לעבענס=פרינציפ, דער יסוד פון לעבען.

vi'tals *n.* (וואי'-טעלז) די לעבענס=טיילען פון קערפער.

vi'tal statis'tics (וואי'-טעל סטע-טיס'-טיקס) לעבענס=סטאטיסטיק [סטאטיסטיק פון געבורט, הייראט, שטערבליכקייט און אלעס וואס האט צו טהאן מיט'ן לעבען און פארטפלאנצונג פון מענשליכע דורות].

vi'tascope *n.* (וואי'-טע-סקאופ) א וויטאסקאפ [א פארריכטונג צו פערגרעסערען און פארצושטעלען אויף א לייוועגד בעוועגליכע בילדער]. ז. *kinetoscope*

vit'ellary *a.* (וויט'-ע-לע-רי) פון געלבעל; פון געלבעל=קאליר; וואס איז שייך צו אן איי=געלבעל.

vitellig'enous *a.* (וויט-ע-לידזש'-ע-נאס) וואס פראדוצירט דאס געלבעל [פון אן איי].

vitel'lin *n.* (וואי-טעל'-אין) דער פראטעאיד וואס געפינט זיך אין אן איי=געלבעל. ז. *proteid*

vitel'line *a. and n.* (וואי-טעל'-אין) וואס איז שייך צו אן איי=געלבעל; וואס בעשטעהט פון געלבעל; פון געלבעל=קאליר, טיעף=געל מיט א שאטירונג פון רויט; א געלבעל.

vitellog'enous *a.* (וויט-ע-לאדזש'-ע-נאס) ז. *vitelligenous*

vitel'lus *n.* (וואי-טעל'-אס) דאס איי־געלכעל; די פראטאפלאזמע פון אן אייעלע, פון וועלכען עס ענטוויקעלט זיך אן ארגאניזם.

vi'tiate *v.* (וויש'-אי-אייט) 1. פערדאר־בען; 2. מאכען אונגילטיג, מבטל זיין.
1. Sewer gas vitiates the air. 2. Fraud vitiates a contract.

vitia'tion *n.* (וויש-אי-איי'-שאן) פער־דארבונג, דאס מאכען אונגילטיג, דאס מבטל זיין.

vi'tiator *n.* (וויש'-אי-איי-טאר) א פער־דארבער, עטוואס וואס פערדארבט; איי־נער אדער עטוואס וואס מאכט אונגילטיג אדער איז מבטל.

vit'icide *n.* (וויט'-אי-סאיד) א וויינ־שטאק־פערדארבער, אן אינזעקט וואס שע־דיגט וויינשטאקען.

vitic'olous *a.* (וואי-טיק'-א-לאס) וואס האלט זיך אויף וויינשטאקען אדער ווערט פראדוצירט אויף וויינשטאקען [ווי גע־וויסע אינזעקטען אדער שוועמלעך].

vitic'ula *n.* (וואי-טיק'-יו-לא) א קרי־כענדער אדער קלעטערענדער שטענגעל [ווי למשל, פון אן אונערקע].

vitic'ulose *a.* (וואי-טיק'-יו-לאס) וואס ברייננגט ארוים ראנקען אדער אויסלוי־פערס. ז. *sarmentose*.

viticul'tural *a.* -(וויט-אי-קאל'-טשור) על) וואס איז שייך צו וויין־קולטיווירונג.

vit'iculture *n.* (וויט'-אי-קאל-טשור) וויין־קולטיווירונג.

viticul'turist *n.* -(וויט-אי-קאל'-טשור) איסט) א וויין־קולטיווירער, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט וויינגערטנעריי.

vitili'go *n.* (וויט-אי-לאי'-גאו) א קראנק־האפטע קאלירטע געפלעקטקייט פון דער הויט.

vitiligoi'dea *n.* (וויט-אי-לי-גאי'-די-א) א הויט־קראנקהייט, ביי וועלכער די הויט ווערט בעדעקט מיט געלבליכע פלעקען אדער פרישטשעקעס [הויפטזעכליך אויף די אויגען־לעדלעך].

vitilit'igate *v.* (וויט-אי-ליט'-אי-גייט) לאדען אין געריכט, דאקוטשען מיט לא־דענישען אין געריכט.

vitios'ity *n.* (וויש-אי-אס'-אי-טי) פער־דארבענהייט.

vi'tious *a.* (וויש'-אס) ז. *vicious*.

vi'tiousness *n.* (וויש'-אס-נעס) ז. *viciousness*.

Vi'tis *n.* (וואי'-טיס) דער מין פלאנצען צו וועלכען עס געהערען די וויינשטאקען.

vit'rea *n.* (וויט'-רי-א) פארציייטיגע גלעזערנע כלים, ברוכשטיקער פון פארציי־טיגע גלעזערנע כלים; דער קריסטאל־קער־פער [פון די אויגען. ז. *vitreum*].

vit'reo-elec'tric *a.* -(וויט'-רי-או-אי) לעק'-טריק) פאזיטיוו־עלעקטריש, גלאז־עלעקטריש, וואס ענטהאלט אדער ברייננגט ארוים אזא עלעקטריציטעט וואס קומט פון רייבען גלאז.

vitreos'ity *n.* (וויט-רי-אס'-אי-טי) ז. *vitreousness*.

vit'reous *a. and n.* (וויט'-רי-אס) גלע־זערן, גלאזיג, גלעזעריג, גלאזארטיג; דער קריסטאל־קערפער פון אויג, די גלאזארטי־גע פליסיגקייט פון אויג [אין דעם הינ־טערטייל פון דעם שווארץ־אפעל].

vit'reous bod'y of the eye -(וויט') רי-אס באד'-אי אוו טהי אי) ז. *vitreum*.

vit'reous electric'ity -(וויט'-רי-אס) אי-לעק-טריס'-אי-טי) עלעקטריציטעט וואס בעקומט זיך פון רייבען גלאז.

vit'reous hu'mor of the eye -(וויט') רי-אס היו'-מאר אוו טהי אי) ז. *vitreum*.

vit'reous lens (וויט'-רי-אס לענז) ז. *vitreum*.

vit'reousness *n.* (וויט'-רי-אס-נעס) גלעזעריגקייט, גלאזארטיגקייט.

vitres'cence *n.* (ווי-טרעס'-ענס) פער־גלעזערונג, פערגלאזונג, פערוואנדלונג אין גלאז, דאס פערוואנדלען זיך אין גלאז.

vitres'cent *a.* (ווי-טרעס'-ענט) זיך פערוואנדלענד אין גלאז.

vitres'cible *a.* (ווי-טרעס'-איבל) וואס קען ווערען גלאזיג אדער גלעזערן, וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

vit'reum *n.* (וויט'-רי-אם) דער קרים־טאל־קערפער פון אויג, די גלאזארטיגע פליסיגקייט פון אויג [אין דעם הינטער־טייל פון דעם שווארץ־אפעל].

vit'ric *a.* (וויט'-ריק) גלאז־ גלאזיג, גלאז־ארטיג.

vit'rics *n.* (וויט'-ריקס) דאס שטודיום אדער די געשיכטע פון גלאז־פאבריקאציאן; גלאז און גלאז־מאטעריאלען.

vitrifac'tion *n.* (וויט-רי-פעק'-שאן) פערגלאזונג, פערגלעזערונג, פערוואנדלונג אין גלאז.

vitrifac'ture *n.* (וויט-רי-פעק'-טשור) גלאז־פאבריקאציאן.

vitrifiabil'ity *n.* -(וויט-רי-פאי-ע-ביל') אי-טי) פערגלאזבארקייט, די פעהיגקייט פערגלעזערט צו ווערען אדער פערוואנ־דעלט צו ווערען אין גלאז.

vit'rifiable *a.* (וויט'-רי-פאי-עבל) פער־גלאזבאר, וואס קען פערגלעזערט ווערען אדער פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

vitrifica'tion *n.* (וויט-רי-פי-קיי'-שאן) פערגלאזונג, פערגלעזערונג, פערוואנדלונג אין גלאז.

vit'riform *a.* (וויט'-רי-פארם) גלאז־פערמיג, גלאז־עהנליך.

vit'rify *v.* (וויט'-רי-פאי) פערגלאזען, פערוואנדלען אין גלאז; פערגלעזערט ווע־רען, פערוואנדעלט ווערען אין גלאז.

vitri'na *n.* (ווי-טראי'-נא) א גלאז־שנעק. א גלאז־שליאמאק [א שנעק מיט א דינעם, דורכזיכטיגען דעקעל אדער שאלעכץ].

vit'rine *n.* (וויט'-רין) א וויטרינע, א שוי־קאסטען [א גלעזערנער קאסטען צום אויסשטעלען זאכען].

vit'rinoid *a.* (וויט'-רי-נאיד) עהנליך צו ז. *vitrina* א גלאז־שנעק.

vit'riol *n.* (וויט'-רי-אל) וויטריאל, אלע־אום, שוועבעל־זויערע.

vit'riolate *v. and a.* (וויט'-רי-א-לייט) וויטריאליזירען, פערוואנדלען אין וויט־ריאל [אלעאום]; פערוואנדעלט אין וויט־ריאל.

vitriola'tion *n.* (וויט-רי-א-ליי'-שאן) וויטריאליזירונג, פערוואנדלונג אין וויט־ריאל [אלעאום].

vitriol'ic *a.* (וויט-רי-אל'-איק) 1. וויט־ריאליש, עהנליך צו וויטריאל, פון וויט־ריאל, וואס איז שייך צו וויטריאל [אלע־אום]; 2. ברענענד; 3. בייסענד, שניידענד, שארף.
2. I can never taste this vitriolic drink. 3. The article brought forth a flood of vitriolic criticism.

vitriol'ic e'ther (וויט-רי-אל'-איק איע'-טהער) ז. *sulphuric ether*.

vit'rioline *a.* (וויט'-רי-א-לין) וויטרי־ליש, וויטריאל־עהנליך, פון וויטריאל [אלעאום].

vit'riolizable *a.* (וויט'-רי-אל-אי-זעבל) וויטריאליזירבאר, וואס קען פערוואנדעלט ווערען אין וויטריאל [אלעאום].

vitrioliza'tion *n.* -(וויט-רי-אל-אי-זיי') שאן) ז. *vitriolation*.

vit'riolize *v.* (וויט'-רי-אל-איז) וויטרי־אליזירען, פערוואנדלען אין וויטריאל [אלעאום]; פערגיפטיגען, צוברענען אדער בעשעדיגען מיט וויטריאל.

vit'ry *n.* (וויט'-רי) אזא לייוונט.

vit'ta *n.* (וויט'-א) א קאפ־באנד; א שווירלאנדע; אן אויל־גריבעלע [אין פלאנ־צען]; אין זאאלאגיע — א שטרייף.

vit'tate *a.* (וויט'-אייט) געשטרייפט; וואס האט אויל־גריבעלעך [וועגען פלאנצען].

vit'ular *a.* (וויט'-יו-לאר) קעלבערן, וואס איז שייך צו א קאלב.

vit'ular ap'oplexy -(וויט'-יו-לאר עפ') א-פלעק-סי) אפאפלעקציע ביי בהמות וואס קומט ביים געבעהרען א קאלב.

vit'ular fe'ver -(וויט'-יו-לאר פיע') ווער) ז. *vitular apoplexy*.

vit'ulary *a.* (וויט'-יו-לע-רי) ז. *vitular*.

vit'uline *a.* (וויט'-יו-לין) פון קעלבערן; קאלב־עהנליך; וואס איז שייך צו א קאלב.

vitu'perable *a.* (וואי-טיו'-פע-רעבל) וואס פערדיענט געטאדעלט צו ווערען, וואס דארף בלאמירט ווערען אדער געשימפפט ווערען.

vitu'perate *v.* (וואי-טיו'-פע-רייט) טאדלען, פערווארפען, מאכען פארווירפע, בלאמירען, זידלען, שימפפען.

vitupera'tion *n.* -(וואי-טיו-פע-ריי') שאן) טאדעל, טאדלונג, בלאמירונג, זיד־לונג, שימפפונג.

vitu'perative *a.* -(וואי-טיו'-פע-ריי) טיוו) טאדלענד, בלאמירענד, זידלענד, שימפפענד.

vitu'peratively *adv.* -(וואי-טיו'-פע) ריי-טיוו-לי) טאדלענדיג, בלאמירענדיג, מיט זידלעריי, מיט שימפפעריי.

vitu'perator *n.* -(וואי-טיו'-פע-ריי) טאר) א טאדלער, א בלאמירער, א זיד־לער, א שימפפער.

vi'va *int.* (ווי'-ווא) וויוואט! עס לע־בע! זאל לאנג לעבען! האך!

viva'ce *a.* (ווי-ווא'-טשע) — אין מוזיק לעבעדיג, מונטער.

viva'cious *a.* (ווי-וויי'-שאס) לעבהאפט, לעבעדיג, מונטער.

viva'ciously *adv.* (ווי-וויי'-שאס-לי) אויף א לעבעדיגען, מונטערען אופן.

viva'ciousness *n.* (ווי-וויי'-שאס-נעס) לעבהאפטיגקייט, לעבעדיגקייט, מונטער־קייט.

vivacis'simo *a.* (ווי-ווא-טשיס'-אי-מא) אין מוזיק — שטארק לעבעדיג, שטארק מונטער.

vivac'ity *n.* (ווי-וועס'-אי-טי) ז. *vivaciousness*.

vivandière' *n.* (ווי-וואנ-די-עהר') א מארקעטאנטין, א מארקעטענדערין, א פרוי וואס פערקויפט פערשידענע פראדוקטען צום מיליטער.

viva'rium *n.* (וואי-וויי'-רי-אם) אן ארט וואו מען האלט לעבעדיגע בעשעפע־נישען [ווי אן אקווארויום, א טהיער־גאר־טען א. ז. וו.].

vi'vary *n.* (וואי'-וע-רי) ז. *vivarium*.

vi'vat *n.* (וואי'-וועט) [אן] א וויוואט אויסגעשריי פון פרייד אדער בעגייסטע־רונג].

vi'va vo'ce (וואַי'-ווא וואָו'-סי) מינדליך, אויסגעדריקט אין ווערטער.
The motion was carried by a **viva voce** vote.

viv'da *n.* (וויוו'-דא) ז. *vifda*

vive *a.* (וואַיוו) לעבעדיג, מונטער, קרעפטיג.

vive! *int.* (וויעוו) עס לעבע! לאַנג לעבען זאָל!

vives *n.* (וואַיווז) די פייפעל [א מין געשוויר ביי א פערד אונטער'ן אויער].

viv'ianite *n.* (וויוו'-אי-ענ-איט) וויוויאַניט, אייזען־בלוי, בלוי־אייזען־ערץ אדער פאָספאָר־זויערעס אייזען [אזא מינעראל].

viv'id *a.* (וויוו'-איד) לעבהאַפט, לעבעדיג, מונטער; פריש, שטאַרק, קלאַר, העל [ווענען קאליר, שיין א. ז. וו.].

viv'idly *adv.* (וויוו'-איד-לי) מיט לעבעדיגקייט, מיט מונטערקייט; מיט קלאַרקייט, פרישקייט, שטאַרקייט אדער העלקייט [ווי פון קאליר, שיין א. ז. וו.].

viv'idness *n.* (וויוו'-איד-נעס) לעבהאַפטיגקייט, לעבעדיגקייט, מונטערקייט; פרישקייט, קלאַרקייט, שטאַרקייט, העלקייט [ווי פון קאליר, שיין א. ז. וו.].

vivif'ic *a.* (וואַי-וויפ'-איק) בעלעבענד, וואָס מאַכט לעבעדיג.

vivif'ical *a.* (וואַי-וויפ'-אי-קעל) ז. *vivific*

vivif'icant *a.* (וואַי-וויפ'-אי-קענט) בעלעבענד, וואָס מאַכט לעבעדיג.

vivif'icate *v.* (וואַי-וויפ'-אי-קייט) אויפלעבען, בעלעבען; אין כעמיע — רעגענערירען, אומקעהרען צום נאַטירליכען צושטאַנד [א מעטאַל פון א כעמישער פערבינדונג].

vivifica'tion *n.* (וויוו-אי-פי-קיי'-שאַן) בעלעבונג, אויפלעבונג, לעבעדיג־מאַכונג; אין פיזיאָלאָגיע — פערוואַנדלונג פון פראָטעאיד־שטאָפען [ז. *proteid*] אין לעבעדיגען אָרגאַניזם־געוועב.

viv'ifier *n.* (וויוו'-אי-פאַי-ער) א בעלעבער, אן אויפלעבער, אן אויפמונטערער.

viv'ify *v.* (וויוו'-אי-פאַי) בעלעבען, מאַכען לעבעדיג, אויפלעבען, אויפמונטערען.

Vivip'ara *n.* (וואַי-וויפ'-ע-רא) דער מין זויג־טהיערע, דער מין חיות וואָס געבעהרען לעבעדיגע קינדער [אין געגענזאַץ צו די בעשעפעניסען וואָס לעגען אייער].

vivipar'ity *n.* (וויוו-אי-פער'-אי-טי) געבורט פון לעבעדיגע קינדער [אין נעגענזאַץ צו דער אויסבריהונג פון אייער], דאָס געבעהרען לעבעדיגע קינדער.

vivip'arous *a.* (וואַי-וויפ'-ע-ראַס) וואָס געבעהרט לעבעדיגע קינדער; זיך פאַרטפלאַנצענד פון זאמען אדער קנאָספען אויף דער מוטער־פלאַנצע.

vivip'arously *adv.* (וואַי-וויפ'-ע-ראַס-לי) זיך פערמעהרענדיג דורך געבורט, געבעהרענדיג לעבעדיגע קינדער; זיך פאַרטפלאַנצענדיג דירעקט אויף דער מוטער־פלאַנצע.

vivip'arousness *n.* (וואַי-וויפ'-ע-ראַס-נעס) ז. *viviparity*

vivisect' *v.* (וויוו-אי-סעקט') פראַקטיצירען וויוויסעקציאָן [אנאַטאָמירונג אדער אפערירונג פון לעבעדיגע חיות פאַר וויסענשאַפטליכע מעדיצינישע צוועקען]; אנאַטאָמירען, צושניידען אדער אפערירען א לעבעדיג בעשעפעניש [פאַר וויסענשאַפטליכע צוועקען]; מאַכען מעדיצינישע עקספערימענטען אויף לעבעדיגע חיות.

vivisec'tion *n.* (וויוו אי-סעק'-שאַן) וויוויסעקציאָן, צושניידונג, אנאַטאָמירונג אדער אפערירונג פון לעבעדיגע חיות פאַר וויסענשאַפטליכע צוועקען, דאָס מאַכען מעדיצינישע עקספערימענטען אויף לעבעדיגע חיות.

vivisec'tional *a.* (וויוו-אי-סעק'-שאַנ-על) וואָס איז שייך צו וויוויסעקציאָן. ז. *vivisection*

vivisec'tionist *n.* (וויוו-אי-סעק'-שאַנ-איסט) א וויוויסעקטאָר, איינער וואָס פראַקטיצירט וויוויסעקציאָן; אן אנהענגער פון וויוויסעקציאָן. ז. *vivisection*

vivisect'or *n.* (וויוו-אי-סעקט'-אָר) א וויוויסעקטאָר, איינער וואָס פראַקטיצירט וויוויסעקציאָן. ז. *vivisection*

vivisecto'rium *n.* (וויוו-אי-סעק-טאָו'-רי-אַם) א וויוויסעקטאָריום [א פלאַץ, וואו מען פראַקטיצירט וויוויסעקציאָן, וואו מען מאַכט מעדיצינישע עקספערימענטען אויף לעבעדיגע חיות].

vivisep'ulture *n.* (וויוו-אי-סעפ'-אַל-טשור) דאָס בעגראָבען לעבעדיגערהייד.

vi'vo *a.* (וויע'-וואָו) ז. *vivace*

vix'en *n. and a.* (וויקסן) א בייזע פרוי, א מרשעת, א סעדיכע; א "זי"־פוקס; בייז, קריעגעריש, מעשה סעדיכע.

vix'enish *a.* (וויק'סנ-איש) בייז, קריעגעריש, מעשה סעדיכע, ווי א מרשעת.

vix'enly *a.* (וויק'סנ-לי) ז. *vixenish*

viz. אבקירצונג פון *videlicet*, נעמליך, דאָס הייסט [ביים לייענען ווערט די אבקירצונג אויסגעשפּראָכען *namely*].

vi'zament *n.* (וואַי'-זע-מענט) ז. *advisement*

viz'ard *n.* (וויז'-אַרד) א מאַסקע.

vizcach'a *n.* (וויז-קעטש'-א) ז. *viscacha*

vizier' *n.* (ווי-זיער') ז. *vizir*

vizier'ate *n.* (ווי-זיער'-אייט) ז. *vizirate*

vizie'rial *a.* (ווי-זיע'-רי-על) ז. *vizirial*

vizier'ship *n.* (ווי-זיער'-שיפּ) ז. *vizirate*

vizir' *n.* (ווי-זיער') א וויזיר [א מיניסטער אדער סתם הויכער שטאַאַטס־בעאַמטער אין די מאַכמעדאַנישע לענדער].

vizir'ate *n.* (ווי-זיער'-אייט) דאָס וויזיראַט, דאָס אַמט אדער די מאַכט פון א וויזיר. ז. *vizir*

vizi'rial *a.* (ווי-זיע'-רי-על) וואָס איז שייך צו א וויזיר. ז. *vizir*

vizir'ship *n.* (ווי-זיער'-שיפּ) ז. *vizirate*

viz'or *n. and v.* (וויז'-אָר) א מאַסקע; א שירם פון א היטעל, א קאַזיראַק, א דאַשעק; א וויזיער אדער העלם־שיבער [דער דאַשעק פון א קאָפּ־פאַנצער]; מאַסקירען, פערמאַסקירען; בעזאָרגען מיט א דאַשעק אדער וויזיער [העלם־דאַשעק].

viz'ored *a.* (וויז'-אַרד) מאַסקירט; מיט א דאַשעק; בעזאָרגט מיט א וויזיער [א העלם־דאַשעק].

viz'orless *a.* (וויז'-אַר-לעס) ניט מאַסקירט; אהן א דאַשעק; אהן א וויזיער [העלם־דאַשעק].

Vlach *a. and n.* (וולעק) ז. *Wallachian*

vlaie *n.* (וולאַי) ז. *vly*

vly *n.* (וולאַי) א בלאָטע; א לוזשע.

vo. אבקירצונג פון *verso* [די זייט פון א בוך אדער מאַנוסקריפּט, וואָס איז נומערירט מיט גראַדע צאָהלען, ווי 2, 4, 6 א. ז. וו.].

voc. אבקירצונג פון *vocative*

vo'cable *n.* (וואָו'-קעבל) א וואָקאַבעל, א וואָרט; אן אויסדרוק; א נאָמען.

vocab'ulary *n.* (וואָ-קעב'-יו-לע-רי) 1. א וואָקאַבולאַריום, א ווערטער־פערצייכניס [פון א שפּראַך, דיאַלעקט, בוך א. ז. וו.]; א ווערטערבוך; 2. א ווערטער־שאַץ, א ווערטער־אוצר [פון א שפּראַך אדער פּערזאָן].
1. I bought a **vocabulary** of technical terms.
2. In the English **vocabulary** there are more Romance words than Teutonic.

vocab'ulist *n.* (וואָ-קעב'-יו-ליסט) א פערפאַסער פון א וואָקאַבולאַריום. ז. *vocabulary*

vo'cal *a. and n.* (וואָו'-קעל) וואָקאַל, וואָס איז שייך צו דער שטימע, צו דער שפּראַך אדער צו געזאַנג; מינדליך; אויסגעשפּראָכען; זינגענד; בעגאָבט מיט א שטימע; אויסגעדריקט מיט דער שטימע [ניט מיט דעם אָטעם, ווי די קלאַנגען "ז" "וו" אדער "ב" אין געגענזאַץ צו די קלאַנגען "ס", "פ" אדער "פ"]; וואָקאַל, זעלבסט־לויטענד [וואָס קען אויסגעשפּראָכען ווערען אליין, ווי די קלאַנגען "א", "ע", "י", "ו" א. ז. וו., אין געגענזאַץ צו די קאָנזאָנאַנטען, וואָס קענען אליין ניט אויסגעשפּראָכען ווערען, ווי "ב", "ג", "ד" א. ז. וו.]; אין דער קאַטוילישער קירך — איינער וואָס האָט שטימרעכט ביי געוויסע קירכליכע וואַהלען.

vo'cal cords (וואָו'-קעל קאָהרדז) די שטים־בענדער [די פאַלדען אין האַלז, וואָס רופען ארויס די שטימע].

vocal'ic *a.* (וואָ-קעל'-איק) וואָקאַליש, זעלבסט־לויטענד, וואָס איז שייך צו וואָקאַלען [קלאַנגען, וואָס קענען אליין אויסגעשפּראָכען ווערען, ווי "א", "ע" א. ז. וו.].

vocalisa'tion *n.* (וואָו-קעל-אי-זיי'-שאַן) ז. *vocalization*

vo'calise *v.* (וואָו'-קעל-אַיז) ז. *vocalize*

vocalise' *n.* (וואָו-קאַ-ליעז') איבונגען אין זינגען [אהן ווערטער, נאָר אנרופענדיג די נאָטען].

vo'calism *n.* (וואָו'-קעל-איזם) וואָקאַליזם, דאָס ארויסברייינגען שטים־קלאַנגען; א וואָקאַל־קלאַנג [א זעלבסט־לויטענדער קלאַנג, וואָס קען אליין ארויסגעבראַכט ווערען, אהן דער הילף פון אנדערע קלאַנגען, ווי "א", "ע" א. ז. וו.]; א סיסטעם פון וואָקאַלען.

vo'calist *n.* (וואָו'-קעל-איסט) א זינגער, א זינגערין.

vocal'ity *n.* (וואָ-קעל'-אי-טי) אויסשפּרעכליכקייט, די מעגליכקייט אויסגעשפּראָכען צו ווערען, ארויסגעבראַכט ווערען מיט דער שטימע אדער אויסגעזונגען צו ווערען; דאָס זיין וואָקאַליש, וואָקאַלישקייט [דאָס קענען אויסגעשפּראָכען ווערען אהן דער הילף פון אנדערע קלאַנגען, ווי די קלאַנגען "א", "ע" א. ז. וו.].

vocaliza'tion *n.* (וואָו-קעל-אי-זיי'-שאַן) דאָס ארויסברייינגען מיט דער שטימע, דאָס ווערען ארויסגעבראַכט מיט דער שטימע; די פאָרמירונג און אויסשפּרעכונג פון וואָקאַלען [קלאַנגען, וואָס קענען ארויסגעבראַכט ווערען אהן דער הילף פון אנדערע קלאַנגען, ווי "א", "ע", "י" א. ז. וו.].

vo'calize *v.* (וואָו'-קעל-אַיז) מאַכען וואָקאַל; פערוואַנדלען אין א שטימע, ארויסברייינגען מיט דער שטימע; געברויכען די שטימע; רעדען; זינגען. ז. *vocal*

vo'cally *adv.* (וואָו'-קעל-אי) וואָקאַל, דורך דער שטימע, אין ווערטער, מינדליך, זינגענדיג; אין בעצוג צו וואָקאַלען [קלאַנגען, וואָס קענען ארויסגעבראַכט ווערען

אהן דער הילף פון אנדערע קלאנגען, ווי "א", "ע", "י" א. ז. וו.].

vo′cal mu′sic (וואו′-קעל מיו′-זיק) וואקאלע מוזיק [צום זינגען, ניט צום שפּיעלען]..

vo′calness *n.* (וואו′-קעל-נעס) ז. *vocality*.

vo′cal tone (וואו′-קעל טאון) א טאן פון א מוזיקאלישען אינסטרומענט עהנליך צו דעם טאן פון א מענשליכער שטימע.

voca′tion *n.* (ווא-קיי′-שאן) א בערוף; א פראפעסיאן, א בעשעפטיגונג.

voca′tional *a.* (ווא-קיי′-שאנ-על) וואס איז שייך צו א בערוף אדער פראפעסיאן.

voca′tionally *adv.* (ווא-קיי′-שאנ-על-אי) אין בעצוג צום בערוף אדער פראפעסיאן.

voc′ative *a. and n.* (וואק′-ע-טיוו) וואקאטיוו, רופענד, צורופענד, זיך ווענדענד; דער וואקאטיוו, דער רוף-קאזוס אדער ווענדונגס-קאזוס [די פארם פון א הויפטווארט, וואס בעצייכענט א פערזאן אדער זאך, צו וועלכען מען רופט אדער מען ווענדעט זיך].

voc′ative case (וואק′-ע-טיוו קיים) דער וואקאטיוו. ז. *vocative*.

vocif′erance *n.* (ווא-סיפ′-ע-רענס) ז. *vociferation*.

vocif′erant *a. and n.* (ווא-סיפ′-ע-רענט) שרייענד, לארמענד; א שרייער, איינער וואס לארעמט.

vocif′erate *v.* (ווא-סיפ′-ע-רייט) שרייען, שרייען אויף'ן קול, לארמען, מאכען א לארם.

vocifera′tion *n.* (ווא-סיפ-ע-ריי′-שאן) דאס שרייען; א לארמונג; א געשריי, א לארם.

vocif′erator *n.* (ווא-סיפ′-ע-ריי-טאר) א שרייער, א לארמער.

vocif′erous *a.* (ווא-סיפ′-ע-ראס) שרייענד, לארמענד.

vocif′erously *adv.* (ווא-סיפ′-ע-ראס-לי) מיט געשריי, מיט לארם.

vocif′erousness *n.* (ווא-סיפ′-ע-ראס-נעס) שרייעדיגקייט, לארעמדיגקייט.

vod′ka *n.* (וואוד′-קא) וואדקא, רוסישער בראנפען.

vogue *n.* (וואוג) 1. מאדע; אלגעמיינע בעליעבטקייט אדער בעקאנטקייט, אלגעמיינע אנגענומענקייט; 2. אנגענומענע מיינונג; קלאנג, סלוף.

1. His writings were in **vogue** fifty years ago.

voice *n. and v.* (וואיס) 1. א שטימע, א קול; 2. שפראך, רעדע-פעהיגקייט; 3. א מיינונג; א צושטימונג; 4. א דעה; שטימרעכט; 5. בעפעהל; ווילען; 6. איינער וואס דריקט אוים עפעס; 7. א שפראך-קלאנג ארויסגעבראכט מיט דער שטימע [ניט מיט דעם אטעם]; 8. אויסדריקען, געבען אויסדרוק, בעקאנט מאכען, ערקלערען; 9. אנשטימען; רעגולירען דעם טאן; 10. שרייבען די נאטען פון א מוזיקאלישען שטיק פאר א בעזונדערען אינסטרומענט אדער שטימע; 11. ארויסברייגען א שפראך-קלאנג מיט דער שטימע [ניט מיט'ן אטעם].

4. You have no **voice** in the matter. 5. Ye would not be obedient unto the **voice** of the Lord your God. 6. The poet is the **voice** of the noblest emotions of mankind. 8. We are **voicing** the discontent of the oppressed.

voice′-buil′der *n.* (וואיס′-ביל′-דער) איינער וואס ענטוויקעלט א שטימע [דורך איבונגען אין זינגען]; א לעהרער פון זינגען.

voice′-buil′ding *n.* (וואיס′-ביל′-דינג) די אויסארבייטונג פון א שטימע [דורך מוזיקאלישע איבונגען].

voiced *a.* (וואיסט) בעגאבט מיט א שטימע; וואס האט א שטימע.

voice′-forma′tion *n.* (וואיס′-פאר-מיי′-שאן) ז. *voice-building*.

voice′ful *a.* (וואיס′-פול) וואס האט א שטימע; ארויסברייגענד קלאנגען; קלינגענד, קלאנגפול.

voice′fulness *n.* (וואיס′-פול-נעס) דאס זיין קלאנגפול; קלינגעדיגקייט; דאס ארויסברייגען קלאנגען.

voice′less *a.* (וואיס′-לעס) אהן א שטימע; שטום, שטיל; שווייגענד; וואס האט ניט קיין דעה, קיין שטימע אדער שטימרעכט; ניט ארויסגעבראכט מיט דער שטימע, נאר מיט דעם אטעם [וועגען שפראך-קלאנגען].

voice′lessness *n.* (וואיס′-לעס-נעס) שטימלאזיגקייט; שטומקייט; שטילקייט.

voice′-part *n.* (וואיס′-פארט) די זינג-שטימע, די געזאנג-שטימע [דער טייל פון א מוזיקאלישער קאמפאזיציאן צום זינגען].

voice′-produc′tion *n.* (וואיס′-פרא-דאק′-שאן) אויסבילדונג פון דער שטימע [דורך איבונגען]; דאס מאכען געוויסע עפעקטען מיט דער שטימע [ביים ריידען אדער זינגען].

voi′cer *n.* (וואי′-סער) איינער וואס שטימט אן אדער שטעלט אן דעם טאן פון אן ארגעל.

voice′-trai′ner *n.* (וואיס′-טריי′-נער) ז. *voice-builder*.

voice′-trai′ning *n.* (וואיס′-טריי′-נינג) ז. *voice-building*.

voi′cing *n.* (וואי′-סינג) דאס אנשטימען אדער אויסרעגולירען דעם טאן פון אן ארגעל; אויסדריקונג א. ז. וו. [ז. *voice*].

void *a., n. and v.* (וואיד) 1. לעדיג, לעער, פוסט; 2. וואקאנט, פערלאזען, ניט פערנומען, אונבעזעצט; אהן א בעל הבית; 3. וואס מאנגעלט, וואס האט ניט; 4. נוצלאז, אומזיסט; אהן א ווירקונג; 5. ניט בינדענד, בטל, געזעצליך אונגילטיג; 6. א לעדיגער ארט, א לעערער רוים; אן אפענער פלאץ, אן עפנונג; 7. פערלאזען; מאכען וואקאנט; 8. אברייניגען, בעפרייען פון...; אויסלעדיגען; 9. ארויסלאזען פון זיך, זיך אויסלעדיגען; האבען שטוהלגאנג; משתין זיין; 10. מבטל זיין, מאכען אונגילטיג.

4. My word shall not return to me **void**, but it shall accomplish that which I please. 5. Fraud makes a contract **void**. 6. His death left an aching **void** in the family.

voi′dable *a.* (וואי′-דעבל) וואס קען פערלאזען ווערען אדער אבגעלעדיגט ווערען; וואס מען קען מבטל זיין אדער מאכען אונגילטיג.

voi′dance *n.* (וואי′-דענס) אויסלעדיגונג, אויסלעערונג; בעפרייאונג פון..., דאס פטור ווערען פון...; א לעדיגער ארט אדער שטעלע, א וואקאנץ; ארויסווארפונג פון אן אמט.

voi′ded *a.* (וואי′-דעד) וואס האט א לעדיגען ארט אדער עפנונג; דורכגעלעכערט.

voi′der *n.* (וואי′-דער) א טיש-קארב אדער טאץ, אין וועלכער מען לעגט די געשיר און איבערגעבליבענע זאכען פון עסען ריין צו מאכען דעם טיש; איינער וואס מאכט לעער; אן אויסלעדיגער; איינער וואס פערלאזט אדער לעדיגט אב א פלאץ.

void for uncer′tainty (וואיד פאר אנ-סויר′-טענ-טי) אונגילטיג צוליעב אונקלארקייט [וועגען א געזעצליכען דאקומענט].

voi′ding *n.* (וואי′-דינג) אבלעדיגונג; אויסלעדיגונג; פערלאזונג, דאס מאכען וואקאנט [א שטעלע]; דאס אבגעלעדיגטע, דאס אבגערייניגטע; שיריים, א רעשטעל, א שטיקעל, א פראגמענט.

void′ly *adv.* (וואיד′-לי) מיט פוסטקייט, מיט לעערקייט; אונגילטיג; אהן ווירקונג, נוצלאז, אומזיסט.

void′ness *n.* (וואיד′-נעס) לעערקייט, לעדיגקייט, פוסטקייט; פערלאזענקייט; אונגילטיגקייט; דאס ניט האבען קיין ווירקונג, נוצלאזיגקייט, אומזיסטיגקייט.

void space (וואיד ספּיים) א וואקואום, א לעדיגער רוים. ז. *vacuum*.

voi′vode *n.* (וואי′-וואוד) א וואיעוואדא, א קריעגס-פיהרער; א שטאטהאלטער פון א פראווינץ [אין איינינע סלאווישע לענדער], א מאלדאווישער אדער וואלעכישער הערשער, א טערקישער אדמיניסטראטיווער בעאמטער.

voi′vodeship *n.* (וואי′-וואוד-שיפּ) דאס אמט אדער מאכט פון א וואיעוואדא. ז. *voivode*.

vol. אבקירצונג פון *volume*

vo′la *n.* (וואו′-לא) די אויסהוילונג פון דער האנד אדער פון דעם פוס, די האנד-פלעכע, די דאלאניע.

vol′able *a.* (וואל′-עבל) מיט א שארפען אדער פלינקען מח, מיט א שנעלער תפיסה.

vola′cious *a.* (ווא-ליי′-שאס) וואס קען פליהען, פליהענד.

vo′læ *n.* (וואו′-ליע) די אויסהוילונגען פון די פיס אדער פון די הענד, הענד-פלעכען. ז. *vola*.

vo′lant *a. and n.* (וואו′-לענט) פליהענד; לעבהאפט, לעבעדיג, מונטער; לייכט; שנעל, געשווינד; א קרויזעל אדער פאלד [פון א קלייד, ציך, פארהאנג א. ז. וו.].

volan′te *n.* (ווא-לענ′-טע) אזא שפּאניש-אמעריקאנישער צוויי-רעדערדיגער וואגען.

Volapük′ *n.* (וואו-לא-פּיק′) וואלאפּיק אדער וואלאפּיוק [א קינסטליכע שפראך בעשטימט פאר אינטערנאציאנאלען געברויך, ערפונדען ארום יאהר 1879 פון יאהאן מארטין שלייער פון קאנסטאנץ, באדען].

Volapük′ist *n.* (וואו-לא-פּיק′-איסט) א וואלאפּיקיסט, א קענער אדער אנהענגער פון וואלאפּיק [א קינסטליכע שפראך בעשטימט פאר אינטערנאציאנאלען געברויך].

vo′lar *a.* (וואו′-לאר) וואס איז שייך צו דער האנד-פלעכע אדער דאלאניע.

vola′ta *n.* (ווא-לא′-טא) א רולאדע, א שנעלע פאלגערונג פון טענער.

vol′atile *a. and n.* (וואל′-ע-טיל) 1. וואס ווערט שנעל אויסגעדונסטעט אדער אויסגעוועפט; לופטיג; וואס געהט אוועק מיט דער לופט, וואס מישט זיך אוים מיט דער לופט; 2. לעבעדיג, מונטער; 3. פערענדערליך, אונבעשטענדיג; לייכטזיניג; ניט געזעצט; 4. פאריבערגעהענד, וואס דויערט ניט לאנג; 5. ווילדעס געפליגעל, געווילד, ווילדע פויגלען.

3. His **volatile** disposition is the cause of his failure.

vol′atile al′kali (וואל′-ע-טיל על′-קעל-אי) אמאניאק, שטינק-ספּיריטוס, חלשות-טראפּען, יום כפור-טראפּען. ז. *ammonia*.

vol'atileness *n.* (וואל'-ע-טיל-נעס) ז. ***volatility***

vol'atile oil (וואל'-ע-טיל איל) עטהער-אויל.

vol'atile salt (וואל'-ע-טיל סאהלט) הירש-הארן-זאלץ אדער קויהלען-זויערע אמאניאק. ז. ***ammonia***

vol'atilisable *a.* (וואל'-ע-טי-לאי-זעבל) ז. ***volatilizable***

volatilisa'tion *n.* (וואל-ע-טיל-אי-זיי'-שאן) ז. ***volatilization***

vol'atilise *v.* (וואל'-ע-טיל-איז) ז. ***volatilize***

volatil'ity *n.* (וואל-ע-טיל'-אי-טי) פליהיגקייט, פעהיגקייט צו פליהען; פעהיגקייט זיך אויסצואוועפען, זיך אויסצודונסטען אדער פערשווינדען אין דער לופט; ניט געזעצטקייט, פערענדערליכקייט, אונבעשטענדיגקייט; לייכטזיניגקייט.

vol'atilizable *a.* (וואל'-ע-טי-לאי-זעבל) וואס קען זיך אויסוועפען אדער אויסדונסטען.

volatiliza'tion *n.* (וואל-ע-טיל-אי-זיי'-שאן) אויסוועפונג; אויסדונסטונג.

vol'atilize *v.* (וואל'-ע-טיל-איז) אויסוועפען; אויסדונסטען; זיך אויסוועפען; זיך אויסדונסטען.

vola'tion *n.* (ווא-ליי'-שאן) פליהונג; פליהונגס-פעהיגקייט.

vola'tional *a.* (ווא-ליי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו פליהונג אדער צו פליהונגס-פעהיגקייט.

vola'tor *n.* (ווא-ליי'-טאר) עטוואס וואס פליהט; א פליהענדער פיש.

volcan'ic *a.* (וואל-קענ'-איק) ווולקאניש, וואס איז שייך צו א ווולקאן אדער פייער-שפייענדען בארג.

volcan'ically *adv.* (וואל-קענ'-אי-קעל-אי) ווולקאניש, ווי א ווולקאן אדער פייער-שפייענדער בארג; פייער-שפייענד; פייעריג, עקספלאדירענד.

volcan'ic bombs (וואל-קענ'-איק באמז) ווולקאנישע באמבעס, קיילעכדיגע מאסען לאווא וואס ווערען ארויסגעשליידערט פון א פייער-שפייענדען בארג. ז. ***lava***

volcan'ic fo'cus (וואל-קענ'-איק פאו'-קאס) דער צענטער אדער מיטעלפונקט פון ווולקאנישער טעטיגקייט.

volcan'ic glass (וואל-קענ'-איק גלעס) אבזידיאן, גלאזארטיגע לאווא. ז. ***obsidian***

volcanic'ity *n.* (וואל-קענ-איס'-אי-טי) ז. ***volcanism***

volcan'ic mud (וואל-קענ'-איק מאד) אש פון א פייער-שפייענדען בארג געמישט מיט וואסער.

vol'canism *n.* (וואל'-קע-ניזם) ווולקאניזם, ווולקאנישע טהעטיגקייט, ווולקאנישע ערשיינונגען.

vol'canist *n.* (וואל'-קע-ניסט) א ווולקאנען-קענער, איינער וואס בעשעפטיגט זיך מיט'ן שטודיום פון ווולקאנען.

volcan'ity *n.* (וואל-קענ'-אי-טי) ווולקאנישקייט, דאס זיין ווולקאניש, דאס ענטשטעהען פון ווולקאנישער טהעטיגקייט.

volcaniza'tion *n.* (וואל-קענ-אי-זיי'-שאן) ווולקאניזאציאן, ווירקונג פון ווולקאנישער היץ, דאס זיין אונטער דער ווירקונג פון ווולקאנישער היץ.

vol'canize *v.* (וואל'-קענ-איז) ווולקאניזירען, אונטערווארפען אונטער דער ווירקונג פון ווולקאנישער היץ.

volca'no *n.* (וואל-קיי'-נאו) א ווולקאן, א פייער-שפייענדער בארג [ז. איל.]; אזא פייערווערק.

Volcano

volcanolog'ical *a.* (וואל-קיי-נא-לאדזש'-אי-קעל) וואס איז שייך צו דער לעהרע וועגען ווולקאנען [פייער-שפייענדע בערג] אדער ווולקאנישער טהעטיגקייט.

volcanol'ogy *n.* (וואל-קיי-נאל'-א-דזשי) די לעהרע וועגען ווולקאנען [פייער-שפייענדע בערג] און ווולקאנישער טהעטיגקייט.

volca'no-ship *n.* (וואל-קיי'-נאו-שיפ) א שיף אנגעלאדען מיט עקספלאדירענדע שטאפען [צו אטאקירען א פיינדליכע שיף אדער א פיינדליכען האפען].

vole *n.* (וואול) א פעלד-מויז; אלע שטיכען, אלע קארטען [די איינגעהמונג פון אלע קארטען מיט איין טרומפף-קארט].

vo'lens no'lens (וואו'-לענז נאו'-לענז) ווילענדיג צו ניט-ווילענדיג. ז. ***nolens volens***

vol'ery *n.* (וואל'-ע-רי) א פויגעל-הויז, א גרויסע פויגעל-שטייג; א מחנה פויגלען; די פויגלען אין א פויגעל-הויז.

vol'itable *a.* (וואל'-אי-טעבל) ז. ***volatilizable***

vol'itant *a.* (וואל'-אי-טענט) פליהענד; וואס קען פליהען.

vol'itate *v.* (וואל'-אי-טייט) פלאטערען, פליהען.

volita'tion *n.* (וואל-אי-טיי'-שאן) דאס פלאטערען, דאס פליהען.

volita'tional *a.* (וואל-אי-טיי'-שאנ-על) וואס איז שייך צו פלאטערען אדער פליהען.

voli'tion *n.* (ווא-ליש'-אן) דאס וועלען; דער ווילען, די ווילענס-קראפט, די טהעטיגקייט פון ווילען.

voli'tional *a.* (ווא-ליש'-אנ-על) וואס איז שייך צום ווילען אדער צו דער ווילענס-קראפט.

voli'tionally *adv.* (ווא-ליש'-אנ-על-אי) מיט דעם ווילען, מיט דער קראפט פון ווילען.

voli'tionary *a.* (ווא-ליש'-אנ-ע-רי) ז. ***volitional***

voli'tionless *a.* (ווא-ליש'-אנ-לעס) אהן ווילענס-קראפט.

vol'itive *a.* (וואל'-אי-טיוו) וואס איז שייך צום ווילען אדער ווילענס-קראפט; וואס שטאמט פון דעם ווילען; וואס האט א ווילענס-קראפט; אין רעטאריק — וואס דריקט אויס א וואונש אדער ערלויבניס.

vol'ley *n. and v.* (וואל'-אי) א זאלפ [א שאס פון פיעל געוועהר מיט אמאל]; א האגעל [פון קוילען אדער פיילען]; אן אויסברוך [ווי פון אפלאדיסמענטען]; א שטראם [ווי פון ווערטער]; אין לאון-טעניס-שפיעל — דאס צוריקשלאגען דעם באל איידער ער פאלט צום באדען; געבען א זאלפ; אויסגעשאסען ווערען אין א זאלפ; אויספלאצען, אויסברעכען; שטראמען; אין לאון-טעניס-שפיעל — צוריקשלאגען דעם באל איידער ער פאלט צו דער ערד.

vol'leyed *a.* (וואל'-איד) אויסברעכענד, אויספלאצענד.

Vols. אן אבקירצונג פון ***volumes***

Vol'scian *a. and n.* (וואל'-שיען) וואלסקיש, וואס איז שייך צו די וואלסקען; א וואלסקער, איינער פון די וואלסקען [א פאלק אין פארצייטיגען איטאליען וואס האט זיך ענדליך אויסגעמישט מיט דער לאטיינישער ראסע]; די וואלסקישע שפראך.

volt *n.* (וואולט) א וואלט [אן איינהייט צו מעסטען עלעקטרישע שפאנונג אדער עלעקטראמאטארישע קראפט]; א פלעצליכע בעוועגונג אדער שפרונג ביים פעכטען אויסצומיידען דעם געגנער'ס שווערד; א רונד-גאנג פון א פערד אין א מאנעזש.

vol'ta *n.* (וואול'-טא) אזא אלטער טאנץ; אין מוזיק — מאל [ווי ***una volta***, איין מאל, ***due volta***, צוויי מאל א. ז. וו.].

vol'ta-elec'tric *a.* (וואל'-טא-ע-לעק'-טריק) גאלוואניש, וואס איז שייך צו גאלוואנישער עלעקטריציטעט. ז. ***galvanism***

vol'ta-electrom'eter *n.* (וואל'-טא-ע-לעק-טראמ'-ע-טער) א וואלטאמעטער. ז. ***voltameter***

volt'age *n.* (וואולט'-עדזש) די צאהל וואלט, די עלעקטראמאטארישע קראפט אויסגעדריקט אדער געמאסטען אין וואלט. ז. ***volt***

voltag'raphy *n.* (וואל-טעג'-רע-פי) גאלוואנאגראפיע [דאס קאפירען אדער גראווירען אויף מעטאל דורך אן עלעקטראליטישען פראצעס].

volta'ic *a.* (וואל-טיי'-איק) וואלטאאיש, וואס איז שייך צו וואלטא [דער בעריהמטער איטאליענישער פיזיקער — געבארען אין 1745, געשטארבען אין 1827 — וועלכער האט ענטדעקט די ענטשטעהונג פון אן עלעקטרישען שטראם דורך דער כעמישער ווירקונג וואס ווערט ארויסגערופען ביי דער בעריהרונג פון צוויי פערשיעדענע מעטאל-פלאטען].

volta'ic arc (וואל-טיי'-איק ארק) א וואלטאאישער ליכט-בויגען [דער עלעקטרישער ליכט-בויגען צווישען די צוויי קויהלען-שטיפטען אין די גרויסע עלעקטרישע לאמפען].

volta'ic bat'tery (וואל-טיי'-איק בעט'-ער-אי) א וואלטאאישע אדער גאלוואנישע באטאריי. ז. ***galvanic battery***

volta'ic cur'rent (וואל-טיי'-איק קאר'-ענט) א וואלטאאישער אדער גאלוואנישער שטראם [אן עלעקטרישער שטראם וואס ווערט פראדוצירט פון א גאליוואנישער באטאריי. ז. ***galvanic battery***].

volta'ic pen'cil (וואל-טיי'-איק פענ'-סיל) א וואלטאאישער אדער גאלוואנישער שטיפט [א מעטאל-שטיפט דורך וועלכען

עס פליסט אן עלעקטרישער שטראם און ווערט בענוצט צום גראווירען אין מעטאל].

volta'ic pile (וואל-טיי'-איק פאיל) א וואלטאאישע אדער גאלוואנישע זיילע. ז. *galvanic battery*

Voltair'ean *a.* (וואל-טעהר'-אי-ען) וואלטעריאניש. ז. *Voltairian*

Voltair'ian *a. and n.* (וואל-טעהר'-אי-ען) וואס איז שייך צו וואלטער [דער בעריהמטער פראנצויזישער דענקער און שרייבער וואס האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון די פרייהייטס-אידעען אם ענדע פון 18טען יאהרהונדערט]; וואלטעריאניש, לויט דער ארט שרייבען פון וואלטער; א וואלטעריאנער [אן אנהענגער פון וואלטער'ס פרינציפען].

Voltair'ianism *n.* (וואל-טעהר'-אי-ען-איזם) וואלטעריאניזם; די פרינציפען אדער האנדלונגען פון א וואלטעריאנער; דער גייסט, פילאזאפיע אדער לעהרע פון וואלטער; וויציגער און שפאטענדער סקעפטיציזם. ז. *Voltairian*

Voltair'ism *n.* (וואל-טעהר'-איזם) ז. *Voltairianism*

vol'taism *n.* (וואל'-טע-איזם) וואלטאאיזם, דער טייל פון פיזיק וואס פערנעהמט זיך מיט דער שאפונג פון אן עלעקטרישען שטראם דורך דער כעמישער ווירקונג וואס ווערט ארויסגערופען ביי דער בעריהרונג פון פערשיעדענע מעטאלענע פלאטען אדער ווען זיי ווערען איינגעטונקט אין א פליסיגקייט.

voltam'eter *n.* (וואל-טעמ'-ע-טער) א וואלטאמעטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם דורך זיין עלעקטראליטישער ווירקונג [ד. ה. נאך דער מאס קופער אדער אנדער מעטאל וואס ער לעזט אויף און א בעשטימטער צייט-איינהייט].

voltamet'ric *a.* (וואל-טע-מעט'-ריק) וואלטאמעטריש, וואס איז שייך צו א וואלטאמעטער אדער צו זיין געברויך.

volt'-am'meter *n.* (וואולט'-עמ'-ע-טער) אן אינסטרומענט מיט וועלכען מען קען מעסטען די שפאנונג און די שטארקייט פון אן עלעקטרישען שטראם, א וואטמעטער. ז. *wattmeter*

volt'-ampere' *n.* (וואולט'-עמ-פעהר') א וואלט-אמפער, א וואט [אן איינהייט צו מעסטען די ארבייט אדער ווירקונג פון אן עלעקטרישען שטראם]. ז. *watt*

vol'taplast *n.* (וואל'-טע-פלעסט) א גאלוואנאפלאסטישער אפאראט [אזא עלעקטרישע באטאריי, וועלכע ווערט בענוצט פאר עלעקטרישע גראווירונגען].

Vol'ta's pile (וואל'-טאז פאיל) א וואלטאאישע זיילע. ז. *galvanic battery*

vol'tatype *n.* (וואל'-טע-טאיפ) ז. *electrotype*

volt'-coulomb' *n.* (וואולט'-קוה-לאם') ז. *joule*

vol'te *n.* (וואול'-טע) מאל [מעהרצאהל פון *volta*].

volte-face' *n.* (וואולט-פאס') אן אומענדערונג פון פראנט; א פלעצליכע אומענדערונג פון פרינציפען, טאקטיק אדער פאליטיק.

volt-face' *n.* (וואולט-פייס') ז. *volte-face*

vol'ti *v.* (וואול'-טי) אין מוזיק — מיש איבער [דאס בלאט].

vol'tiger *n.* (וואל'-טי-דזשער) ז. *voltigeur*

voltigeur' *n.* (וואל טי זשויר') א שפרינ-גער, אן אקראבאט; א וואלטיזשער [א לייכט-בעוואפענטער אינפאנטעריע-סאלדאט אין דער פראנצויזישער ארמעע].

vol'ti su'bito (וואול'-טי סוה'-בי-טאו) אין מוזיק — מיש איבער שנעל [דאס בלאט].

volt'-me'ter *n.* (וואולט'-מי'-טער) א וואלטאמעטער, אן אפאראט צו מעסטען די שפאנונג פון אן עלעקטרישען שטראם.

vol'ubilate *a.* (וואל'-יו-בי-לייט) אין באטאניק — קלעטערענד, קריכענד, וואס דרעהט זיך ווי א ספיראל ארום אן אנדער פלאנצע אדער ארום א שטעקען [ווענען א פלאנצע].

vol'ubile *a.* (וואל'-יו-ביל) ז. *volubilate*

volubil'ity *n.* (וואל-יו-ביל'-אי-טי) פליסיגקייט, געלויפיגקייט, לייכטקייט, גלאטקייט [אין ריידען]; פלוידעריי; דרעהבארקייט, דאס דרעהען זיך; פערענדערליכקייט, אונבעשטענדיגקייט.

vol'uble *a.* (וואל'-יובל) פליסיג, געלויפיג, גלאט, לייכט [אין ריידען]; פלאפלעריש, פלוידעריש; וואס קען זיך לייכט דרעהען אדער ראלען; זיך דרעהענד, ראלענד; אין באטאניק — קלעטערענד, וואס דרעהט זיך ווי א ספיראל ארום אן אנדער פלאנצע אדער ארום א שטעקען.

vol'ubleness *n.* (וואל'-יובל-נעס) ז. *volubility*

vol'ubly *adv.* (וואל'-יו-בלי) פליסיג, געלויפיג, גלאט, לייכט [אין ריידען]

vol'ucrine *a.* (וואל'-יו-קרין) וואס איז שייך צו פויגלען, פון פויגלען; פויגעלעהנליך.

vol'ume *n. and v.* (וואל'-יום) א בוך, א באנד; א ראלע [פון פארמעט, פאפירוס אדער קארע, אויף וואס אמאליגע מאנוסקריפטען פלעגען זיך שרייבען], א מגילה; אן אבגערונדעטע, צונויפגעראלטע אדער צונויפגעוויקעלטע מאסע, א קנויל, א ספיראלע; דאס וואלומען, דער אומפאנג. די גרויס, די מאסע; די צאהל פון קובישע איינהייטען [מעטרען, יארדען א. ד. ג.] וועלכע עס ענטהאלט אין זיך א סאלידער קערפער; אין מוזיק — דער אומפאנג, רונדקייט אדער פולקייט פון טאן זיך פאנאנדערוואקסען, ווערען גרעסער אין אומפאנג.

vol'umed *a.* (וואל'-יומד) קנויל-פערמיג, ספיראל-פערמיג; וואס בעשטעהט פון צוזאמענגעראלטע אדער צונויפגעוויקעלטע מאסען; מאסיוו, סאליד, שווער; וואס ענטהאלט [א געוויסע צאהל] בענדער.

volumenom'eter *n.* (וואל-יו-מע-נאמ'-ע-טער) א וואלומענאמעטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם רוים-אינהאלט פון א פעסטען קערפער דורך בעשטימען די מאס פליסיגקייט וואס ווערט פערדרענגט פון דעם פעסטען קערפער, ווען ער ווערט ארייננעלעגט אין דער פליסיגקייט]

volumenom'etry *n.* (וואל-יו-מע-נאמ'-ע-טרי) דאס מעסטען דעם רוים-אינהאלט פון א פעסטען קערפער מיט דער הילף פון א וואלומענאמעטער. ז. *volumenometer*

vol'umes of air (וואל'-יומז אוו עהר) לופט-מאסען.

vol'umeter *n.* (וואל'-יו-מי-טער) אין כעמיע און פיזיק — א גאז-מעסטער [אן אינסטרומענט צו מעסטען דעם רוים-אינהאלט פון א גאז דורך בעשטימען די מאס פליסיגקייט וואס ווערט פערדרענגט פון דעם גאז, ווען ער ווערט ארייננעלאזען אין א גראדואירטער גלאז-רעהר וועלכע איז אנגעפילט מיט דער פליסיגקייט]. ז. *graduated tube*

volumet'ric *a.* (וואל-יו-מעט'-ריק) וואס איז שייך צום מעסטען פון דעם רוים-אינהאלט.

volumet'rical *a.* (וואל-יו-מעט'-רי-קעל) ז. *volumetric*

volumet'rically *adv.* (וואל-יו-מעט'-רי-קעל-אי) דורך א מאס-אנאליזע אדער טיטרירונג. ז. *titrate*

volumet'ric anal'ysis (וואל-יו-מעט'-ריק ע-נעל'-אי-סיס) א מאס-אנאליזע, טיטרירונג. ז. *titrate*

volumet'ric in'strument (וואל-יו-מעט'-ריק אינ'-סטרו-מענט) א טיטריר-אפאראט. ז. *titrate*

volu'minal *a.* (ווא-ליו'-מי-נעל) וואס איז שייך צו אומפאנג, גרויס אדער מאסע.

voluminos'ity *n.* (ווא-ליו-מי-נאס'-אי-טי) גרויסקייט; דיקקייט; לאנגקייט, פאנאנדערגעצויגענקייט; פיעל-בענדערדיגקייט [ווענען ביכער].

volu'minous *a.* (ווא-ליו'-מי-נאס) גרויס; פיעל-בענדערדיג, וואס בעשטעהט פון פיעל בענדער; וואס האט פיעל געשריבען, זעהר פראדוקטיוו; פאנאנדערגעצויגען, לאנג.

volu'minously *adv.* (ווא-ליו'-מי-נאס-לי) אויף א לאנגען אדער פאנאנדערגעצויגענעם שטייגער; אין גרויסער צאהל אדער מאסע.

volu'minousness *n.* (ווא-ליו'-מי-נאס-נעס) לאנגקייט, פאנאנדערגעצויגענקייט; גרויסקייט, דיקקייט, גרויסקייט אין אומפאנג.

vol'untarily *adv.* (וואל'-אנ-טע-רי-לי) פרייוויליג; פון זיך זעלבסט.

vol'untariness *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-נעס) פרייוויליגקייט.

vol'untary *a. and n.* (וואל'-אנ-טע-רי) פרייוויליג; זעלבסטטהעטיג; פריי האנדלענד; וואס האט א פרייען ווילען; וואס איז פריי צו האנדלען לויט זיין אייגענעם ווילען; וואס איז קאנטראלירט אדער רעגולירט פון דעם ווילען; אבזיכטליך, בעאבזיכטיגט [ניט צופעליג]; וואס איז שייך צו דעם פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטעררִיכט; אן אנהענגער פון דעם פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטעררִיכט [ז. *voluntary principle*]; א פרייוויליגער; א פרייוויליגע ארבייט; א סאלא וואס ווערט געשפיעלט פון אן ארגעל אין א קירך ביי א גאטעסדיענסט.

vol'untary a'gent (וואל'-אנ-טע-רי איי'-דזשענט) ז. *free agent*

vol'untary contribu'tions (וואל'-אנ-טע-רי קאנ-טרי-ביו'-שאנז) פרייוויליגע בייטרעגע, נדבות.

vol'untaryism *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-איזם) ז. *voluntary principle*

vol'untaryist *n.* (וואל'-אנ-טע-רי-איסט) אן אנהענגער פון פרייוויליגקייט [הויפטזעכליך אין רעליגיאן]. ז. *voluntary principle*

vol'untary parti'tion (וואל'-אנ-טע-רי פאר-טיש'-אן) א פאנאנדערטיילונג פון לאנד וואס ווערט געמאכט דורך גענענזייטיגער איינשטימונג פון די יורשים אהן א געריכטס-פראצעס.

vol'untary prin'ciple (וואל'-אנ-טע-רי פרינ'-סיפל) דער פרינציפ פון פרייוויליגקייט אין רעליגיאן און אונטעררִיכט

[דער פּרינציפּ אַז רעליגיעזע אינסטיטוציאָנען אָדער בילדונגס=אַנשטאַלטען דאַרפען אויסגעהאַלטען ווערען ניט פון דעם שטאַאט, נאָר פון פרייוויליגע בייטרעגע פון די געמיינדע=מיטגליעדער].

vol'untary school (וואָל'-אַנ-טע-רי סקוהל) אַן עלעמענטאַרע שול אין ענגלאַנד וועלכע ווערט אונטערשטיצט פון פרייוויליגע בייטרעגע און ווערט געוועהנליך אַנגעפיהרט פון אַ רעליגיעזער קערפּערשאַפט.

vol'untary sys'tem (וואָל'-אַנ-טע-רי סיס'-טעם) ז. *voluntary principle*

volunteer' *n., a. and v.* (וואָל-אַנ-טיער') אַ פרייוויליגער; אַ וואָלאַנטער; אין געזעץ — איינער וואָס קריעגט בעזיץ=רעכט אויף אייגענטום אהן אַ געגען=בעלוינונג פון זיין זייט; פרייוויליג, וואָס דיענט פרייוויליג; וואָס בעשטעהט פון פרייוויליגע; געבען אָדער לייסטען פרייוויליג, מנדב זיין; זיך פרייוויליג אַנשלאַגען, זיך אַנבאָטען; דיענען אַלס פרייוויליגער.

volunteer' com'pany (וואָל-אַנ-טיער' קאָמ'-פּע-ני) אַ ראָטע פרייוויליגע סאָלדאַטען.

volup'tuary *a. and n.* (וואָ-לאַפּ'-טשו-ע-רי) וואָס איז שייך צו לוקסוס אָדער תאוה; וואָס העלפט ענטוויקלען לוקסוס אָדער תאוה'דיגע פערגניגענס; תאוה'דיג; אַ בעל=תאוה.

voluptuos'ity *n.* (וואָ-לאַפּ-טשו-אָס'-אי-טי) ז. *voluptuousness*

volup'tuous *a.* (וואָ-לאַפּ'-טשו-אָס) תאוה'דיג; וואָס דערוועקט תאוה; וואָס איז פערבראַכט אָדער פערשווענדעט אין תאוות אָדער לוקסוס.

volup'tuously *adv.* (וואָ-לאַפּ'-טשו-אָס-לי) אויף אַ תאוה'דיגען אופן; אין לוקסוס, אין פערגניגענס.

volup'tuousness *n.* (וואָ-לאַפּ'-טשו-אָס-נעס) תאוה'דיגקייט; דאָס פערברינגען אין לוקסוס, פערגניגענס אָדער תאוה.

voluta'tion *n.* (וואָל-יו-טיי'-שאָן) וואָלצונג, קייקלונג.

volute' *n.* (וואָ-ליוט') אין אַרכיטעקטור — אַן אָרנאַמענט אויף'ן קאָפּ פון אַ זייל אין דער פאָרם פון אַ ספּיראַלע; אַזאַ מאָלוסקעל=טהיער וואָס ליעגט אין אַ ספּיראַל=פערמיגען מושעל.



Volute

volute'-spring *n.* (וואָ-ליוט'-ספּרינג) אַ מעטאַלענע פּרוזשינע וואָס איז געוויקעלט ווי אַ ספּיראַלע אין דער פאָרם פון אַ קאָנוס.

Volute-spring

wap'acut *n.* (הוואפ'-ע-קאט) די האביכטס⸗אוילע [אזא גרויסע ווייסע אוילע אדער סאווא].

wap'entake *n.* (הוואפ'נ-טייק) א בעצירק אדער טייל פון א גראפשאפט [פארצייטענס אין ענגלאנד].

wap'iti *n.* (הוואפ'-אי-טי) ז. *elk*

wap'pato *n.* (הוואפ'-ע-טאו) אזא עסבארער ווארצעל, וואס ווערט געברויכט אלס שפייז פון איינינע אינדיאנער אין די וועסט⸗טיילען פון נארד⸗אמעריקא.

wap'per-jaw *n.* (הוועפ'-ער-דזשאה) אן ארויסשטארצענדע מארדע; א פערקרימט מויל.

war *n. and v.* (הוואהר) א קריעג, א מלחמה; א קריעגס⸗מאכט, חיל, מיליטער; מיהמה קונסט; מלחמה אויסשטאטונג; פיהרען א מלחמה, פיהרען קריעג; קעמפפען, בעקעמפפען.

war'-ar'row *n.* (הוואהר'-ער'-או) א קריעגס⸗פייל [א פייל געברויכט אין מלחמה].

war'-ax *n.* (הוואהר'-עקס) א קריעגס⸗האק [א האק אלס קריעגס⸗וואפע].

war'beetle *n.* (הוואהר'-ביעטל) אן אינזעקט אדער אינזעקטען⸗ווערימעל וואס פעראורזאכט בײלען אויף'ן רוקען פון פיה. ז. *warble*

war'ble *v. and n.* (הוואהרבל) 1. זינגען, צוויטשערען, טשיריקען, טרילען [ווי א פויגעלע]; 2. אבהילכען, אבקלינגען, דורכטרילערען; 3. בעזינגען; 4. איבערקרייצען די פליגלען אויף'ן רוקען [וועגען א פאלק]; 5. א געזאנג, א מעלאדיע; 6. א בייל אויף'ן רוקען פון א פערד, קוה א. ז. וו. [אנגעריבען פון דעם זאטעל אדער אנגעביסען פון אן אינזעקט אדער אינזעקטען⸗ווערימעל]; אן אינזעקט אדער אינזעקטען⸗ווערימעל וואס בייסט אן א בייל אויף'ן רוקען פון פיה.

1. The birds **warble** among the branches. 2. The stream of life **warbles** through his heart.

war'ble-fly *n.* (הוואהר'בל-פלאי) א פליעג, וועמעס לארווא [אינזעקטען⸗ווערימלעך] פעראורזאכען בײלען אויף'ן רוקען פון פיה.

war'bler *n.* (הוואהר'-בלער) א זינגער; א זינג⸗פויגעל; א ליובזינגער אדער מאלינאווקא [אזא פויגעל].

war'blet *n.* (הוואהר'-בלעט) ז. *warbeetle*

warb'lingly *adv.* (הוואהרב'-לינג-לי) צוויטשערענדיג, טשיריקענדיג, זינגענדיג.

war'-cart *n.* (הוואהר'-קארט) א קריעגס⸗וואגען [אזא פארצייטיגער מיליטערישער וואגען מיט עטליכע לייכטע קאנאנען].

war'-cloud *n.* (הוואהר'-קלאוד) א קריעגס⸗וואלקען [עטוואס וואס דייטעט אן אויף א קומענדער מלחמה].

war'-club *n.* (הוואהר'-קלאב) א קריעגס⸗שטעקען [אן אייזערנער, ביינערנער א. ז. וו. שטעקען וואס פלעגט אמאל דיענען אלס קריעגס⸗וואפע].

war'-coun'cil *n.* (הוואהר'-קאונ'-סיל) א קריעגס⸗ראטה.

war'craft *n.* (הוואהר'-קרעפט) די קריעגס⸗קונסט.

war'-cry *n.* (הוואהר'-קראי) א קריעגס⸗געשריי, א שלאכט⸗רוף [א ווארט אדער אויסדרוק געברויכט אלס רוף פון ערמוטיגונג ביים אנפאלען אויף'ן שונא].

"Saint George" was once the **war-cry** of England.

ward *n. and v.* (הוואהרד) 1. וואכזאמקייט; וואך; בעוואכונג; 2. א שוץ⸗מיטעל; פערהיטונג; 3. אפעקונסטווע, אפטרופסות; 4. איינער וואס געפינט זיך אונטער אימעצענס השגחה אדער אפטרופסות [ווי א מינדעריעהריגער יתום]; 5. געפאנגענשאפט; געפענגנים, תפיסה; 6. א פארעדע, א פאראדירונג [אבשלאגונג אדער אבווענדונג פון א קלאפ]; 7. אן אבטיילונג [פון מענשען, פון לאנד, פון וואלד]; 8. א שפיטאל⸗אבטיילונג; 9. א שטאדט⸗פיערטעל, א קווארטאל; 10. דאס אויסגעדרעהטע שטיקעל אייזען אין א שלאס, וואס קומט אריין אין דעם אויסשניט פון דעם שליסעל; דער שליסעל⸗איינשניט; 11. בעוואכען, בעשיצען, היטען, אויפפאסען; 12. אריינזעצען אין געפענגנים, האלטען

געפאנגענע; 13. אבוועגדען א קלאפ; אבווענדען, צוריקשטויסען.

1. The soldiers kept watch and ward. 2. Conscience is the best ward of one's honor. 8. The patient was assigned to the surgical ward. 13. He did his utmost to ward off the illnes.

war'dage *n.* (הוואהר'-דערדזש) וואך-געלד, וואך-געצאהלט.

war'-dance *n.* (הוואהר'-דענס) א קריעגס-טאנץ [א טאנץ ביי די ווילדע שבטים פאר דעם ארויסגאנג צו א מלחמה; א טאנץ וואס איז א נאכאהמונג פון א שלאכט].

war'den *n.* (הוואהרדן) א היטער, א וועכטער, א שומר; אן אויפזעהער, א געפענגניס-אויפזעהער; אן אפעקון, אן אפטרופוס; א דירעקטאר; אן אוניווערזיטעטס-רעקטאר; דער הויפט אדמיניסטראטיווער בעאמטער פון א בעצירק [אין שטאאט קאנעקטיקוט אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; א שטאדט-ריכטער [אין שטאאט ראוד איילענד, אין די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; א פונטבארנע אדער ווינטער-בארנע [אזא גרויסע, הארטע באר].

war'den pie (הוואהרדן פאי) א פאשטעט [טייג-געבעק געפילט מיט פרוכט פון ווינטער-בארנעס [אזעלכע גרויסע, הארטע בארנעס].

war'denry *n.* (הוואהר'דנ-רי) דער בעצירק פון אן אויפזעהער אדער דירעקטאר; דאס אמט פון א וועכטער, אויפזעהער, אפעקון אדער דירעקטאר. ז. *warden*

war'denship *n.* (הוואהר'דנ-שיפ) דאס אמט פון אן אפעקון, וועכטער, אויפזעהער אדער דירעקטאר. ז. *warden*

war depart'ment (הוואהר די-פארט'-מענט) דאס קריעגס-מיניסטעריום.

war'der *n.* (הוואהר'-דער) א וועכטער, א היטער; א שטעקען, אן אמטס-שטעקען [ווי דער קעניג-שטאק, דער שטאק פון דעם הויפט קאמאנדיר פון אן ארמעע א. ז. וו.].

ward'-mote *n.* (הוואהרד'-מאוט) א פערזאמלונג פון א שטאדט-פיערטעל, א קווארטאל-פערזאמלונג.

ward'-pen'ny *n.* (הוואהרד' פענ'-אי) ז. *wardage*

ward'robe *n.* (הוואהרד'-ראוב) א גארדעראב-קאמער, א קליידער-קאמער, א קליידער-שראנק; א גארדעראבע, א קליידער-אויסשטאטונג.

ward'rober *n.* (הוואהרד'-ראו-בער) א גארדעראבען-אויפפאסער.

ward'-room *n.* (הוואהרד'-רוהם) די גרויסע קאיוטע [די אבטיילונג פון א שיף וועלכע איז בעשטימט פאר די אפיציערען פון א קריעגס-שיף].

ward'ship *n.* (הוואהרד'-שיפ) אפעקונסטווע, אפטרופסות; מינדעריעהריגקייט.

ware *a., v. and n.* (הוועהר) וויסענד; זיך היטענד, אויף דער וואך [גענגען עפעס]; זיך היטען, זיין פארזיכטיג, זארגען וועגען...; אכטונג געבען; וואארע, סחורה, א וואארען-ארטיקעל; אזא ים-פלאנצע.

war'-ea'gle *n.* (הוואהר'-איע'גל) דער קריעגס-אדלער אדער דער גאלדענער אדלער. ז. *golden eagle*

ware'ga-fly *n.* (הווע-רייי'-גא-פלאי) אזא בראזיליער פליעג, וועלכע לעגט איהרע אייעלעך אין דער הויט פון מענשען און חיות און פערארזאכט דערמיט א געשוויילעכץ.

ware'house *n.* (הוועהר'-האוס) א וואארען-לאגער, א מאגאזין, א סקלאד; א גרויסע קראם; א הורטאווע קראם; אוועקלעגען אין א מאגאזין אדער וואארען-לאגער.

ware'houseman *n.* (הוועהר'-האוס-מען) איינער וואס האלט א וואארען-לאגער אדער וואארען-מאגאזין.

ware'houseman's itch (הוועהר'-האוס-מענז איטש) אזא הויט-קראנקהייט. ז. *grocers' itch*

ware'housing *n.* (הוועהר'-האו-סינג) דאס אוועקלעגען וואארען אין א מאגאזין אדער סקלאד; דאס האלטען א לאגער-מאגאזין [פאר פרעמדע וואארען].

ware'room *n.* (הוועהר'-רוהם) א וואארען-קאמער [צום האלטען אדער פערקויפען סחורות].

wares *n.* (הוועהרז) וואארע, סחורות.

war'-fain *a.* (הוואהר'-פיין) קאמפפס-לוסטיג.

war'fare *n. and v.* (הוואהר'-פעהר) קריעג, מלחמה, קריעג-פיהרונג; קאמפף; פיהרען מלחמה; קעמפפען.

war'farer *n.* (הוואהר'-פעהר-ער) א קריעגער.

war'-flail *n.* (הוואהר'-פלייל) א מיטעלאלטערליכע וואפע עהנליך צו א דרעש-שלעגעל. ז. *flail*

war'-flame *n.* (הוואהר'-פליים) א סיגנאל-פייער אין מלחמה [אנצוצייגען די דערנעהנטערונג פון שונא א. ז. וו.].

war'-fork *n.* (הוואהר'-פאהרק) א קריעגס-גאפעל [אזא גאפעל-עהנליכע מיטעלאלטערליכע וואפע].

war'-game *n.* (הוואהר'-גיים) קריעגס-קונסט; קריעג.

war'-god *n.* (הוואהר'-גאד) א קריעגס-גאט, א גאט פון מלחמה.

war'-ham'mer *n.* (הוואהר'-העמ'-ער) א קריעגס-האמער [אזא פארצייטיגע האמער-עהנליכע וואפע].

war'-horse *n.* (הוואהר'-האהרס) 1. א קריעגס-פערד, א קאוואלעריע-פערד; 2. א וועטעראן, אן אלטער, ערפאהרענער סאלדאט; 3. אן אלטער, ערפאהרענער פאליטיקער.

3. All the war-horses of the party were active in this campaign.

wa'rily *adv.* (הוויי'-רי-לי) פארזיכטיג, זיך היטענד.

wa'riness *n.* (הוויי'-רי-נעס) פארזיכטיגקייט.

war'like *a.* (הוואהר'-לאיק) 1. קריעגעריש; מיליטעריש; גרייט צו קריעג, וואס האט ליעב קריעג; 2. וואס דראהט מיט קריעג, פיינדליך; 3. וואס האט א קריעגערישען אויסזעהן.

1. The Germans are a warlike nation. 2. He spoke in a warlike tone.

war'likeness *n.* (הוואהר'-לאיק-נעס) קריעגערישקייט, קריעגערישע נאטור, שטרייטלוסטיגקייט; מיליטערישקייט; קריעגערישעם אויסזעהן; פיינדליכקייט.

war'lock *n.* (הוואהר'-לאק) א צויבערער, א מכשף, א כשוף-מאכער, דעם טייפעל'ס א חבר.

war'lockry *n.* (הוואהר'-לאק-רי) כשוף, כשוף-מאכעריי, צויבעריי.

war'-lord *n.* (הוואהר'-לאהרד) א קריעגס-העדר, אן ארמעע-הויפט.

war'luck *n.* (הוואהר'-לאק) ז. *warlock*

warm *a. and v.* (הוואהרם) 1.ווארעם; 2. דערווארעמט; 3. אינטים, נאהענט; 4. חארציג; 5. פריש [וועגען א שפור]; 6. נאהענט צום געזוכטען, אויף'ן שפור, אויף'ן ריכטיגען וועג; נאהענט צום ציעל אדער צו ערפאלג; 7. וואהלהאבענד; 8. בעקוועם; זיך צוגעפאסט; 9. אונגעווינשט, אונאנגענעהם; אונבעקוועם; 10. אייפריג, פייערדיג, היציג; 11. ענטוזיאסטיש, איבערגעבען; 12. דערהיצט, אויפגערעגט; 13. גראב, ניט דעליקאט; 14. שווער, מיהזאם; 15. זיך אנווארעמען, זיך דערווארעמען, ווערען ווארעם; דערווארעמען, אנווארעמען; 16. דערהיצען, צוגעבען אייפריגקייט; 17. דורכקלאפען די ביינער.

1. For several days we had warm weather. 2. The guests were warm with wine. 3. We are warm friends. 4. Accept my warm thanks. 9. The place became too warm for him. 11. He is a warm partisan of the cause. 14. There will be some warm work for us. 17. I will warm him for that piece of mischief.

war'-man *n.* (הוואהר'-מען) א קריעגס-מאן.

warm'-blood'ed *a.* (הוואהרמ'-בלאד'-עד) ווארעם-בליטיג [וועגען לעבעדיגע בעשעפענישען, וואס זייער טעמפעראטור דערגרייכט 98 ביז 112 גראד פארענהייט]; הייס-בליטיג, היציג; ליידענשאפטליך; מיט א ווארעמען הארץ.

warm col'ors (הוואהרם קאל'-ארז) אין מאלעריי — קאלירען צוזאמענגעשטעלט פון געל און רויט.

war'mer *n.* (הוואהר'-מער) איינער אדער עטוואס וואס ווארעמט; א ווארעם-אפאראט, א היץ-אפאראט.

warm'-head'ed *a.* (הוואהרמ'-העד'-עד) היציג; ענטוזיאסטיש, בעגייסטערט.

warm'-hear'ted *a.* (הוואהרמ'-האר'-טעד) הארציג; מיט א ווארעמען הארץ.

warm'-hear'tedness *n.* (הוואהרמ'-האר'-טעד-נעס) ווארעם-הארציגקייט, הארציגקייט.

warm'house *n.* (הוואהרמ'-האוס) אן אראנזשעריי; אן אויוועז.

war'ming *n.* (הוואהר'-מינג) ווארעמונג, דערווארעמונג, דערהיצונג; דאס דורכקלאפען די ביינער.

war'ming-pan *n.* (הוואהר'-מינג-פען) א בעט-ווארעמער [אזא פלאכע כלי פאר הייסע קויהלען צום האלטען ווארעם א בעט]; א צייטווייליגער שטעלפערטרעטער [וואס ווארעמט אוים דעם פלאץ פאר אן אנדערען].

war'ming-stone *n.* (הוואהר'-מינג-סטאון) א ווארעם-שטיין, א פוס-ווארעמער [א שטיק זייף-שטיין, וועלכער האלט געוועהנליך לאנג אן היץ און ווערט געברויכט צום האלטען ווארעם די פים].

war'-min'ister *n.* (הוואהר'-מינ'-איס-טער) דער קריעגס-מיניסטער.

warm'ly *adv.* (הוואהרמ'-לי) ווארעם; אייפריג, אויף א היציגען אופן; מיט הארציגקייט.

warm'ness *n.* (הוואהרמ'-נעס) ז. *warmth*

warmth *n.* (הוואהרמטה) ווארימקייט; היץ, חשק, אייפער, פייערדיגקייט; הארציגקייט; העלקייט, פייערדיגקייט פון קאלירען [אין מאלעריי].

warm one's jack'et (הוואהרם הוואנז דזשעק'-עט) דורכקלאפען די ביינער.

warn *v.* (הוואהרן) 1. ווארנען, מזהיר זיין; 2. אנזאגען, לאזען וויסען; 3. אנקינדיגען [וועגען פערלאזען א שטעלע,

אבריינגען אַ געדונגענעם הויז א. ז. וו.]; 4. בעפעהלען; רופען. אבזאגען;

1. We were warned of the impending peril. 2. The teacher warned the boy to obey. 3. The landlord warned the tenant out.

war′ner *n.* (הוואהר′-נער) אַ ווארנער; איינער וואס ווארענט, איז מזהיר, איז מודיע אדער קינדיגט אן.

war′ning *n. and a.* (הוואהר′-נינג) 1. אַ ווארנונג, אַ אזהרה; 2. אן אנזאגונג; אַ אבזאגונג, אן אנקינדיגונג [וועגען פערלאזען אַ שטעלע, אבריינגען אַ געדונגענעם הויז א. ז. וו.]; 3. אַ בעפעהל, אַ רוף; 4. אין ביאלאגיע — וואס שרעקט אב דעם שונא; וואס איז פון אַ דראהענדען אויסזעהן.

1. He received the warning in due time. 2. Servants are expected to give their masters warning. 3. We expect a warning to arms.

war′ningly *adv.* (הוואהר′-נינג-לי) ווארנענדיג; דיענענדיג אלס אזהרה; אנזאגענדיג, אנקינדיגענדיג, לאזענדיג וויסען.

war′ning-piece *n.* (הוואהר′-נינג-פיעס) עטוואס וואס גיט אַ ווארנונג אדער סיגנאל; אַ סיגנאל-קאַנאָנע; דער טייל פון דעם מעכאניזם פון אַ זייגער, וואס ברייננט אין בעוועגונג דעם קלינג-מעכאניזם.

war′ning-wheel *n.* (הוואהר′-נינג-הוויעל) אַ רעדעל פון אַ זייגערל, וואס ברייננט אין בעוועגונג דעם קלינג-מעכאניזם.

warn off (הוואהרן אָף) 1. קינדיגען, אבזאגען [פון אַ שטעלע, פאַכט א. ז. וו.]; 2. אבהאלטען, אבטרייבען, אבשרעקען.

2. The tresspassers were warned off my land.

war′-of′fice *n.* (הוואהר′-אָפ′-איס) דער קריעגס-דעפּארטאמענט, דאס קריעגס-מיניסטעריום.

war of seces′sion (הוואהר אוו סי-סעש′-אַן) די מלחמה וועלכע די אמעריקאנער צפון-שטאאטען האבען געפיהרט געגען די אבגעפאלענע דרום-שטאאטען אין יאהרע 1861—1865.

warp *v. and n.* (הוואהרפּ) 1. אויסדרעהען, פערדרעהען, אויסבויגען, אויסקרימען; זיך אויסקרימען, זיך אויסבויגען; 2. אבווענדען, אבווענדען פון דער אמת′ער ריכטונג; אראבגעהן פון ריכטיגען וועג; 3. וועבען; מאכען דעם אויפצוג אדער די קעטע [דורכוועבען די פאדים וואס קומען אין דער לענג פון אַ געוועב]; 4. פּלאנעווען, מאכען אַ פּלאַן; מאכען אַ פערשווערונג; 5. ווארפען, בוקסירען [שלעפּען אַ שיף מיט אַ שטריק]; געשלעפּט ווערען מיט אַ שטריק [וועגען אַ שיף]; 6. זיך דרעהען פליהענדיג [וועגען פויגלען און אינזעקטען]; 7. מאכען לאנד פרוכטבאר [פערפלייצענדיג עס מיט שליימיגע וואסער]; 8. געבעהרען פאר דער צייט [וועגען חיות]; 9. אַ פריה-צייטיג געבארען קינד [ביי חיות]; 10. אויסדרעהונג, אויסקרימונג; דאס אראבגעהן פון גלייכען וועג; 11. אבוואַץ פון מוטנעם וואסער; 12. דער אויפצוג, די פעדים וואס קומען אין דער לענג פון געוועב; 13. אַ ווארפ-שטריק, אַ בוקסיר-שטריק, אַ שטריק צום שלעפּען אַ שיף.

1. Wood curbs and warps with fire. 2. Men's perceptions are warped by their passions. 4. He warned his friends of the treason that was warping against them. 5. The sailors warped the ship into the harbor. 10. No mind is more capable of warps than his.

war′page *n.* (הוואהר′-פּעדזש) ווארפּונג, בוקסירונג [דאס שלעפּען אַ שיף מיט שטריק]; געצאהלט פאר בוקסירונג.

war′-paint *n.* (הוואהר′-פּיינט) 1. קריעגס-פארב [די פארב, מיט וועלכער די אמעריקאנער אינדיאנער פלעגען בעדעקען זייערע געזיכטער ארויסגעהענדיג אין מלחמה]; 2. אַ גאלא-אוניפארם, פּאַראדנע קליידונג.

1. The war-paint on the Sachem's face shone fierce and red.

war′-path *n.* (הוואהר′-פּעטה) אַ קריעגס-וועג; אַ מארש צו דער מלחמה [ביי די אמעריקאנישע אינדיאנער].

It is rumored that the Indians will soon go on the war-path.

warp′-beam *n.* (הוואהרפּ′-ביעם) דער וועבער-שטאַנג, אויף וועלכען עס קומען אנגעדרעהט די לענגס-פעדים פון דעם געוועב.

warp′-dress′er *n.* (הוואהרפּ′-דרעס′-ער) אַ מאשין צום אויסגלייכען די לענגס-פעדים און זיי אבסארטירען פאר דעם וועבען.

war′per *n.* (הוואהר′-פּער) איינער וואס לעגט די לענגס-פעדים פון אַ געוועב; איינער וואס גרייט צו און ארדענט אויס די לענגס-פעדים צום וועבען; אַ מאשין צום צוגרייטען און איינארדנען די לענגס-פעדים פאר′ן וועבען.

war′ping-bank *n.* (הוואהר′-פּינג-בענק) אַ דאמבע צו פערהאלטען דאס וואסער פון אַ פערפלייצונג, כדי צו מאכען פרוכטבאר דאס לאנד דורך דעם אבוואַץ פון דעם וואסער.

war′ping-machine′ *n.* (הוואהר′-פּינג-מע-שין′) אַ מאשין צום צוגרייטען און איינארדנען די לענגס-פעדים פאר′ן וועבען.

war′ple *v.* (הוואהרפּל) צונויפקרייצען די פליגעל אויף′ן רוקען [וועגען אַ פאַלק-פויגעל].

war′-plume *n.* (הוואהר′-פּלוהם) אַ קריעגס-פעדער [אַ פעדער וואס מען טראגט אין קריעג].

war′-proof *n.* (הוואהר′-פּרוהף) אויסגעפּרובירטקייט אין קריעג; מיליטערישע פעהיגקייט.

warp′-thread *n.* (הוואהרפּ′-טהרעד) אַ קעטען-פאדים, אַ לענגס-פאדים פון אַ געוועב.

war′rant *n. and v.* (הוואר′-ענט) 1. אַ פערזיכערונג, אַ גאראנטיע, אַ ערבות; אַ צייגניס, אַ בעווייז; 2. אַ פאלמאכט; אַ בעפאלמעכטיגונג; 3. אַ סאנקציאָן; אַ רעכטפערטיגונג; אַ בערעכטיגונג; 4. אַ געריכטליכער בעפעהל, אַ פערהאפטונגס-בעפעהל, אַ בעפעהל וועגען אן ארעסט; 5. אַ פאטענט, אַ פּריווילעגיע; אן ערלויבניס; 6. גאראנטירען, פערזיכערען, ערוב זיין; 7. בעפאלמעכטיגען; 8. בערעכטיגען, רעכטפערטיגען.

1. His word is in itself a warrant of the truth. 3. Appearances gave him warrant for the charge. 6. I warrant it will be so.

war′rantable *a.* (הוואר′-ען-טעבל) וואס קען גערעכטפערטיגט ווערען; געזעצליך ערלויבט.

war′rantableness *n.* (הוואר′-ען-טעבל-נעס) ערלויבטקייט, רעכטמעסיגקייט, געזעצליכקייט; בערעכטיגטקייט.

warrantee′ *n.* (הוואר-ען-טיע′) איינער וועמען עס ווערט געגעבען אַ גאראנטיע.

war′ranter *n.* (הוואר′-ען-טער) אַ בעפאלמעכטיגער; אן ערב, אַ גאראנטירער.

war′rant of attor′ney (הוואר′-ענט אוו ע-טויר′-ני) אַ שריפטליכע פאלמאכט. ז. *letter of attorney*.

war′rant of commit′ment (הוואר′-ענט אוו קא-מיט′-מענט) אַ בעפעהל איינצושפּארען אין געפענגניס.

war′rant-of′ficer *n.* (הוואר′-ענט-אָפ′-אי-סער) אַ שיפס-אנגעשטעלטער אדער מיליטערישער בעאמטער פון נידריגען ראנג [ביז דעם אמט פון לייטענאנט].

war′rantor *n.* (הוואר′-ען-טאר) אַ גאראנטירער, אן ערב; אַ בעפאלמעכטיגער.

war′ranty *n. and v.* (הוואר′-ען-טי) אַ פאלמאכט; אַ זיכערהייט, אַ גאראנטיע, אן ערבות; גאראנטירען, פערזיכערען, געבען אַ גאראנטיע.

war′ren *n.* (הוואר′-ען) אן ארט פאר קראליקעס און אנדערע עהנליכע געיעגס-חיה′לעך און פויגלען; אן ארט וואו עס האלטען זיך אויף פיעל קראליקעס; אן אבגעצאמטער פּלאַץ אין אַ טייך פאר פיש.

war′rener *n.* (הוואר′-ען-ער) דער אויפזעהער איבער אַ פּלאַץ, וואו מען האלט קראליקעס און אנדערע געיעגס-חיה′לעך און פויגלען.

war′rer *n.* (הוואהר′-ער) איינער וואס פיהרט מלחמה אדער אַ קאמפף.

war′ring *a.* (הוואהר′-ינג) מלחמה פיהרענד; געגנעריש, פיינדליך; ווידערשפרעכענד, ענטגעגענגעזעצט.

war′rior *n.* (הוואהר′-אי-ער) אַ קריעגס-מאַן, אַ סאלדאט; אַ מוטיגער, אלטער קריעגסמאן אדער סאלדאט; אַזאַ זשום-פויגעלע [מיט אַ העלם-עהנליכען טשוב. ז. *humming-bird*].

war′rior-ant *n.* (הוואהר′-אי-ער-ענט) אַ קריעגס-מוראשקע [איינע פון דעם מין מוראשקעס, וואס פיהרען קריעג מיט אנדערע און האלטען די געפאנגענע אלס שקלאפען].

war′-ship *n.* (הוואהר′-שיפּ) אַ קריעגס-שיף.

Wars of the Ro′ses (הוואהרז אוו טהי ראו′-זעז) אין דער ענגלישע געשיכטע — די מלחמות צווישען די רויטע און די ווייסע רויזע, די מלחמות צווישען די צוויי קעניגליכע פאמיליעס, די לאנקאסטער און די יארק פאמיליעס, וועלכע האבען געדויערט פון יאהרע 1452 ביז 1485 [די אנהענגער פון דער קעניגליכער לאנקאסטער פאמיליע פלעגען טראגען אלס זייער עמבלעם אַ רויטע רויז און די אנהענגער פון דער יארק פאמיליע פלעגען טראגען אַ ווייסע רויז].

war′-song *n.* (הוואהר′-סאהנג) אַ קריעגס-ליעד, אַ קריעגס-געזאנג.

wart *n.* (הוואהרט) אַ באראדאווקע; אן אויסוואוקס, אן אנוואוקס.

war′-tax *n.* (הוואהר′-טעקס) אַ קריעגס-שטייער [אַ ספּעציעלער שטייער פאר קריעגס-אויסגאבען].

war′ted *a.* (הוואהר′-טעד) בעדעקט מיט באראדאווקעס.

wart′-hog *n.* (הוואהרט′-האג) דער באראדאווקע-שוויין [אַזאַ ווילדער חזיר, ביי וועלכען די מארדע איז ווי בעדעקט מיט באראדאווקעס].

wart′less *a.* (הוואהרט′-לעס) אהן באראדאווקעס.

wart′let *n.* (הוואהרט′-לעט) אַ קליינע באראדאווקע, אַ קליינער אנוואוקס [אויף פלאנצען]; אַזאַ ים-רויז [ז. *sea-anemone*].

war to the knife (הוואהר טו טהי נאיף) א קאמפף אויף מעסערס.

war'ty *a.* (הוואהר'-טי) עהנליך צו א באראדאווקע; בעדעקט מיט באראדאווקעס אדער ווי מיט באראדאווקעס.

war'-was'ted *a.* (הוואהר'-הוויים'-טעד) פערוויסט דורך מלחמה.

war'-wear'ied *a.* (הוואהר'-הוויער'-איד) אויסגעמאטערט פון קריעג, מיעד פון קריעג.

war'-whoop *n.* (הוואהר'-הוהפ) א קריעגס=געשריי [אלס סיגנאל פון איבערפאל אדער אום אנצוווארפען א שרעק אויף'ן שונא, הויפטזעכליך ביי די אמעריקאנישע אינדיאנער].

war'wolf *n.* (הוואהר'-הוואולף) אזא פארצייטיגע קריעגס=מאשין [צום שליידערען שטיינער, געברויכט אין דער פערטיידיגונג פון פעסטונגען].

war'-worn *a.* (הוואהר'-הוואהרן) אבגענוצט אין קריעג; אלט געווארען אין מיליטער=דיענסט אדער אין קריעג.

wa'ry *a.* (הוויי'-רי) פארזיכטיג, וואס היט זיך.

was (הוואז) געווען. ז. ***be***

Wash. ***Washington*** אבקירצונג פון [וואשינגטאן — איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

wash *v. and n.* (הוואש) 1. וואשען; באדען; זיך וואשען; זיך באדען; 2. אבוואשען, אויסוואשען, ריין מאכען; 3. נעצען, נאס מאכען; 4. שוויינקען, אבשוויינקען, אוועקשוויינקען, אוועקגעשוויינקט ווערען; 5. שוויינקען די ברעגען, זיך געפינען ביי..., זיך גרענעצען [ווענען א וואסער]; 6. זיך וואשען, ניט אבגעהן פון וואשען [ווענען פארבען], ניט קאליע ווערען פון וואשען [ווענען צייג]; 7. אויסהאלטען א פראבע, זיך ארויסצייגען אלס עכט; 8. געברויכען קאסמעטישע פליסיגקייטען [פאר'ן גזיכט אדער פאר די צייהן]; 9. בעדעקען מיט א דינעם שיכט [פארב אדער מעטאל]; 10. בילדען א רייסענדען שטראם אדער ווירבעל; 11. א וואש; א וואשונג; א שוויינקונג; 12. געוועש; געוואשענע זאכען; 13. א וואסערפערפלייצונג, א וואסער=שטראם; א וואסער=שוויינקונג, א וואסער=ווירבעל פעראורזאכט פון דער בעוועגונג פון א שיף; 14. דאס פליושקען פון וואסער; 15. א שטיק לאנד וואס ווערט פעריאדיש פערפלייצט; א ניט טיעפער פלאץ [אין א וואסער]; 16. א בלאטיגע געגענד; דאס וואס ווערט אבגעזעצט פון וואסער; 17. פאמאיעס, שוויינק=וואסער; 18. א קאסמעטישע פליסיגקייט; 19. א דינער שיכט [פון פארב אדער מעטאל]; אין זאאלאגיע — א לייכטע פארבונג; 20. א רודערבלאט, דער ברייטער טייל פון א רודערלאפעטע; 21. אזא מאס פאר שאל=פיש אדער אויסטערס; א מאס פון 21½ קווארט; 22. א פיקטיווער פערקויף פון אקציעס אויף דער בערזע.

1. **Wash** your hands! 2. **Wash** me thoroughly from my iniquity, and cleanse me from my sin. 3. The roses are **washed** with dew. 5. The Atlantic Ocean **washes** the eastern part of America. 6. The dress **washes** well. 11. Give your face a good **wash**. 13. The **wash** of the steamer nearly filled the boat. 14. The water ebbs away with a sulky **wash** in the hollow places.

wash'able *a.* (הוואש'-עבל) וואס וואשט זיך, וואס בלאקירט ניט אב פון וואשען; וואס ווערט ניט קאליע פון וואשען [ווענען צייג].

wash away' (הוואש ע-הוויי') אבוואשען, אוועקשוויינקען.

wash'-ball *n.* (הוואש'-באהל) א רונד שטיקעל זייף.

wash'-ba'sin *n.* (הוואש'-ביי'סן) א וואש=בעקען.

wash'-bear *n.* (הוואש'-בעהר) א וואש=בער. ז. ***racoon***

wash'-bee'tle *n.* (הוואש'-ביע'טל) א פראלניק, א פראטש.

wash'-board *n.* (הוואש'-באורד) א וואש=ברעט [א ברעט ביי דער זייט פון א שיף וואס דערלאזט ניט די כוואליעס זאלען פערפלייצען די שיף]; א וואש=ברעט; א ברעט אנגעשלאגען אן די ווענד פון א צימער ביי דער דיל [פאדלאגע].

wash'-boi'ler *n.* (הוואש'-באי'-לער) א וואש=קעסעל [א קעסעל צום קאכען וועש].

wash'-bot'tle *n.* (הוואש'-באט'ל) א פלעשעל, פון וועלכען די פליסיגקייט ווערט ארויסגעשפריצט דורך בלאזען; א פלעשעל צו רייניגען גאזען דורכלאזענדיג זיי דורך דער פליסיגקייט אין דעם פלעשעל.

wash'-bowl *n.* (הוואש'-באול) א וואש=שיסעל, א וואש=בעקען.

wash'-cloth *n.* (הוואש'-קלאהטה) א וואש=לאפען [צום וואשען געשיר אדער דאס לייב].

wash'-day *n.* (הוואש'-דיי) א וואש=טאג [דער טאג, ווען מען וואשט אין הויז וועש].

wash'-dirt *n.* (הוואש'-דוירט) ערד אדער זאמד וואס ענטהאלט גענוג גאלד, אז עס זאל זיך לוינען עס צו רייניגען.

washed *a.* (הוואשט) 1. געוואשען, געשוויינקט, גענעצט; 2. פיקטיוו [ווענען פערקויף פון אקציעס אויף דער בערזע]; 3. לייכט געפארבט [ווענען חיות].

3. The fox's black pelt is **washed** with silver.

wash'er *n. and v.* (הוואש'-ער) א וועשער, א וועשערין; א וואש=מאשין, א וואש=אפאראט; א שטוים=שייבע [א רינג=פלאטע וואס ווערט בענוצט אלס אונטערלאגע פאר א שרויף=מוטער אדער מוטערקע]; א טרייסעל=פויגעל [ז. ***wagtail***]; בעזארגען מיט שטוים=שייבען.

wash'erman *n.* (הוואש'-ער-מען) א וואשער, א וועשער.

wash'erwoman *n.* (הוואש'-ער-הוואומען) א וועשערין, א וואש=פרוי.

wash'ery *n.* (הוואש'-ע-רי) א פלאץ, וואו מען רייניגט און סארטירט קויהלען [מיט דער הילף פון א וואסער=שטראם].

wash'-gil'ding *n.* (הוואש'-גיל'-דינג) ז. ***water-guilding***

wash'-grav'el *n.* (הוואש'-גרעוו'-על) ז. ***wash-dirt***

wash'-hand ba'sin (הוואש'-הענד בייסן) ז. ***wash-bowl***

wash'-hand stand (הוואש'-הענד סטענד) ז. ***wash-stand***

wash'-house *n.* (הוואש'-האוס) א וואש=הויז, א וועשעריי.

wash'iness *n.* (הוואש'-אי-נעס) וואסעריגקייט, וואסערדיגקייט, שוואכקייט.

wash'ing *n.* (הוואש'-אינג) וואשונג; שוויינקונג; געוועש; א געוועש; דאס אויסגעוואשענע, דאס אויסגעשוויינקטע.

wash'ing-bear *n.* (הוואש'-אינג-בעהר) דער וואש=בער. ז. ***racoon***

wash'ing-bot'tle *n.* (הוואש' אינג באט'ל) ז. ***wash-bottle***

wash'ing-crys'tals *n.* (הוואש'-אינג-קרים'-טעלז) ז. ***sodium carbonate***

wash'ing-en'gine *n.* (הוואש'-אינג-ענ'-רזשין) אין פאפיער=פאבריקאציאן — א מאשין צום רייניגען און פאנאנדעררייסען די שמאטעס.

wash'ing-flask *n.* (הוואש'-אינג-פלעסק) ז. ***wash-bottle***

wash'ing-house *n.* (הוואש'-אינג-האוס) ז. ***wash-house***

wash'ing-machine' *n.* (הוואש'-אינג-מע-שין') א וואש=מאשין [פאר קליידער, צייג, וואל א. ז. וו.].

wash'ing-pow'der *n.* (הוואש'-אינג-פאו'-דער) וואש=פולווער [א שטאף, ווי למשל, סאדע, צום וואשען].

Washingto'nian *a. and n.* (הוואש-אינג-טאו'-ני-ען) וואס איז שייך צו דזשארדזש וואשינגטען [דער ערשטער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא]; א וואשינגטאנער, אן איינוואהנער פון דער שטאדט וואשינגטאן [די רעזידענץ=שטאדט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא] אדער פון שטאאט וואשינגטאן [איינער פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא].

wash'-leath'er *n.* (הוואש'-לעטה'-ער) וואש=לעדער [אזא דינער ווייכער ווייסער אדער העל=געלער לעדער].

wash'man *n.* (הוואש'-מען) ז. ***washerman***

wash one's hands of (הוואש הואנז הענדז אוו) "זיך אבוואשען די הענד", זיך אבזאגען פון עפעס, אראבנעהמען פון זיך די פעראנטווארטליכקייט פאר עפעס, מעהר ניט האבען צו טהאן אדער זיך מעהר ניט אינטערעסירען מיט עפעס.

wash'out *n.* (הוואש'-אוט) אן אויסשוויינקונג [אין דער ערד].

wash'-rag *n.* (הוואש'-רעג) א וואש=טיכעל [צום אבוואשען זיך].

wash'-stand *n.* (הוואש'-סטענד) א וואש=טישעל.

wash'-stuff *n.* (הוואש'-סטאף) ז. ***wash-dirt***

wash'-tub *n.* (הוואש'-טאב) א וואש=צעבער, א וואש=קעסעל.

wash'y *a.* (הוואש'-אי) וואסעריג; וואסערדיג, שוואך.

wasp *n.* (הוואספ) א וועספע [אזא בייזע שטעכיגע פליעג]; א בייזער אדער אויפגערעגטער מענש.

Wasp

wasp'-fly *n.* (הוואספ'-פלאי) א וועספען=פליעג.

was'pish *a.* (הוואס'-פיש) ווי א וועספע; וואס האט זעהר א דינגע און בויגזאמע טאליע ווי א וועספע; שטעכענד; בייז; וואס ווערט לייכט אויפגערעגט אדער אויפגערייצט.

was'pishly *adv.* (הוואס'-פיש-לי) אזוי ווי א וועספע; שטעכעדיג, בייז.

was'pishness *n.* (הוואס'-פיש-נעס) דאס זיין ווי א וועספע; שלעכטקייט, בייזקייט.

wasp'-wais'ted *a.* (הוואספ'-הווייס'-טעד) וואס האט א דינע און בויגזאמע טאליע [ווי א וועספע].

was'py *a.* (הוואס'-פי) ז. *waspish*.

was'sail *n. and v.* (הוואס'-אייל) א טרונק-שפרוך [ווי לחיים, פראזיט א. ד. ג.]; א טרינק-הוליאנקע; משקה וואס ווערט אויף אזא הוליאנקע געטרונקען; א געווירצטע משקה פון אלע [אזוי ביער] געמישט מיט וויין און צוקער; טרינקען לחיים, טרינקען פאר אימעצענס געזונד.

was'sail-bout *n.* (הוואס'-אייל-באוט) א טרינק-הוליאנקע.

was'sailer *n.* (הוואס'-אייל-ער) א טרינקער, א זויפער, א שכור; איינער וואס נעהמט אנטייל אין א הוליאנקע.

was'sel *n. and v.* (הוואס'-על) ז. *wassail*.

wast (הוואסט) ביזט געוועזן.

was'tage *n.* (הוויים'-טעדזש) אבפאל.

waste *n., a. and v.* (הווייסט) פסלת; אבפאל; א וויסטעניש, א וויסטער ארט; פערדארבונג; פערצעהרונג; פערשווענדונג, אויסברייגנונג; איבערפלוס; איבערמעסיגקייט; אונזין, דברים בטלים; אן אבצוגס-רעהרע, אן אבגוס; פערלאזען, פערוויסטעט, וויסט, חרוב; רואינירט; פסלת-דיג, אבפאליג; אוננוציג, ווערטהלאז; איבערפליסיג; פערוויסטען; חרוב מאכען; פערצעהרען; פערדארבען; פערשווענדען, אויסברייגנען; פערנוצען, אבנוצען; פערצעהרט ווערען, פערשווענדעט ווערען, פערגעהן, פערשווינדען.

waste'-bas'ket *n.* (הווייסט'-בעס'-קעט) א פאפיער-קארב [א קארב וואו מען ווארפט אריין נוצלאזעס פאפיער אדער אבפאל].

waste'-board *n.* (הווייסט'-באורד) א וואש-ברעט [ביי א שיף]; ז. *wash-board*.

waste'-book *n.* (הווייסט'-בוק) אין בוכפיהרונג — א קלאדע, א נאטיץ-בוך אדער טאג-בוך.

waste'ful *a.* (הווייסט'-פול) פערוויסטענד; פערצעהרענד; צושטערענד; פערשווענדעריש, אויסברייגנעריש.

waste'fully *adv.* (הווייסט'-פול-אי) פערשווענדעריש.

waste'fulness *n.* (הווייסט'-פול-נעס) פערשווענדעריי.

waste'-gate *n.* (הווייסט'-גייט) א שליוז צו ארויסצולאזען דאס איבריגע וואסער פון א דאמבע.

was'tel *n.* (הוויים'-טעל) א קוכען.

waste'less *a.* (הווייסט'-לעס) וואס קען ניט פערשווענדעט אדער פערצעהרט ווערען; אונערשעפליך.

waste'ness *n.* (הווייסט'-נעס) וויסטקייט, איינזאמקייט.

waste'-pa'per *n.* (הווייסט'-פיי'-פער) אבפאל-פאפיער, מאקולאטור.

waste'-pipe *n.* (הווייסט'-פאיפ) אן אבגוס-ראהר פאר אוננוציגען וואסער, אן אבלאז-ראהר פאר איבריגע דאמפף א. ד. ג.

waste'-preven'ter *n.* (הווייסט'-פרי-ווענ'-טער) א פארריכטונג ביי א וואסער-קעסעל אדער באסיין צו קאנטראלירען דעם צופלוס און אבפלוס פון וואסער.

was'ter *n.* (הוויים'-טער) א פערשווענדער, אן אויסברייגנער; דער גנב פון א ליכט [א שטיקעל פערברענט קנייטעל אין א ליכט דורך וועלכען דאס ליכט שמעלצט זיך אוים]; עטוואס וואס ווערט פערדארבען אין דער ארבייט.

waste'-steam pipe (הווייסט'-סטים פאיפ) אן אבלאז-ראהר אין א דאמפף-קעסעל [א ראהר ארויסצולאזען דעם איבריגען דאמפף].

waste time (הווייסט טאים) פערשווענדען צייט אומזיסט.

waste'way *n.* (הווייסט'-הוויי) א דורכגאנג פאר אבגענוצטען אדער איבריגען וואסער.

waste'-weir *n.* (הווייסט'-הוויער) אן אויסשניט אין א קאנאל אדער אין א רעזערוואואר ארויסצולאזען איבריגעס וואסער.

was'ting *a. and n.* (הוויים'-טינג) פערוויסטענד, צושטערענד, רואינירענד, פערדארבענד; אן אבצעהרונג, אן אבמאגערונג; דאס אראבהאקען שפליטער פון א שטיין.

was'tingly *adv.* (הוויים'-טינג-לי) פערשווענדעריג.

was'trel *n.* (הוויים'-טרעל) אבפאל; עטוואס וואס ווערט אוועקגעווארפען אלס פערדארבען אין דער ארבייט; עטוואס פערלאזענעס אדער אוועקגעווארפענעס; פערלאזענעס לאנד; א פערנאכלעסיגט קינד, א גאסען-קינד.

was'ty *a.* (הוויים'-טי) פערלאזען, פערווארפען; ווי פסלת, ווי אבפאל.

wat *n.* (הוואט) א האז.

watch *n. and v.* (הוואטש) א טאשען-זייגער, א טאשען-אוהר; דאס היטען; דאס וואכען; א וואך, א וואכטע; וואכזאמקייט, אויפמערקזאמקייט; די וואך-צייט; א וועכטער; א היטער; די שיפס-וואך; וואכען, היטען; בעאבאכטען; ווארטען, אבהיטען, לויערען; האלטען אן אויג אויף...; שוויימען אויף דער אויבערפלעכע פון וואסער [ווען א באיע אדער אנקער-צייכען. ז. *buoy*].

watch and ward (הוואטש ענד הוואהרד) דאס וואכען טאג און נאכט.

watch'-bell *n.* (הוואטש'-בעל) א שטורם-גלאק, א וואך-גלאק; א גלאק אויף א שיף וואס שלאגט אלע האלבע שטונדע.

watch'-bill *n.* (הוואטש'-ביל) די וואך-ליסטע [די ליסטע פון א שיף אין וועלכער עס זיינען פערצייכענט די אפיציערען און מאטראזען, וועלכע דארפען שטעהען אויף דער וואך אין פערשידענע צייטען אויף פערשידענע פאסטען].

watch'-box *n.* (הוואטש'-באקס) א וואך-שטיבעל, א וואך-בודקע.

watch'-can'dle *n.* (הוואטש'-קענ'-דל) ז. *watching-candle*.

watch'case *n.* (הוואטש'-קייס) די קאפסעל אדער קופערטע פון א טאשען-אוהר; א זייגער-קעשענע [ז. *watch-pocket*].

watch'-clock *n.* (הוואטש'-קלאק) א וועכטער-זייגער [אזא זייגער וואס דיענט אלס קאנטראלע צו וויסען אויב דער וועכטער האט געמאכט זיין רונד-גאנג אין א געוויסער צייט].

watch'-dog *n.* (הוואטש'-דאג) א וואך-הונד.

watch'er *n.* (הוואטש'-ער) א וואכער, איינער וואס וואכט; א היטער; א וועכטער, א קראנקען-וועכטער; א בעאבאכטער; א שפיאן.

watch'et *n. and a.* (הוואטש'-עט) א העל-בלויער אדער בלאס-בלויער קאליר; העל-בלוי, בלאס-בלוי.

watch'-fire *n.* (הוואטש'-פאיר) א וואך-פייער [א פייער וואס ווערט געברענט אויף א וואך-פאסטען]; א סיגנאל-פייער.

watch'ful *a.* (הוואטש'-פול) וואכזאם; אויפמערקזאם, אכטזאם, פארזיכטיג.

watch'fully *adv.* (הוואטש'-פול-אי) אויף א וואכזאמען אופן; מיט פארזיכטיגקייט; מיט אויפמערקזאמקייט.

watch'fulness *n.* (הוואטש'-פול-נעס) וואכזאמקייט; אויפמערקזאמקייט; פארזיכטיגקייט.

watch'-glass *n.* (הוואטש'-גלעס) דאס גלעזעל וואס בעדעקט דעם ציפערבלאט פון א טאשען-זייגער; א זאמד-גלעזעל צו מעסטען די צייט, א זאמד-זייגער [ז. *hour-glass*].

watch'-guard *n.* (הוואטש'-גארד) א קייטעל אדער בענדעל פון א טאשען-אוהר.

watch'-gun *n.* (הוואטש'-גאן) א וואך-שאס [א שאס וואס ווערט אבגעגעבען פון א קאנאנע יעדע שטונדע אדער אין געוויסע צייטען פון טאג אין א פעסטונג אדער אויף א קריגס-שיף].

watch'-head'er *n.* (הוואטש'-העד'-ער) דער הויפט פון א וואך אדער וואכטע.

watch'-house *n.* (הוואטש'-האוס) א וואך-הויז, א וואך-שטוב.

watch'ing *n.* (הוואטש'-אינג) דאס וואכען; וואכזאמקייט; דאס זיין וואך.

watch'ing-can'dle *n.* (הוואטש'-אינג-קענ'-דל) א ליכט וואס מען לאזט ברענען דורך דער נאכט ביי דעם קערפער פון א טויטען.

watch'-jew'el *n.* (הוואטש'-דזשוה'-על) א רובין אדער אנדער שטיינדעל אין דעם ווערק פון א טאשען-זייגער.

watch'-key *n.* (הוואטש'-קיי) אן אוהר-שליסעל [אזא קליין שליסעלע אנצוציהען א טאשען-אוהר אדער צו דרעהען די ווייזער].

watch'-light *n.* (הוואטש'-לאיט) א נאכט-ליכט, א וואך-ליכט.

watch'maker *n.* (הוואטש'-מיי-קער) אן אוהרמאכער, א זייגער-מייסטער.

watch'maker's cramp (הוואטש'-מיי-קערז קרעמפ) זייגער-מאכער קראמפף [א קראמפף ביי זייגער-מאכער אין די פינגער און אויך אין די אויגען אזוי אז זיי קענען ניט האלטען ביים אויג דאס גלעזעל, מיט וועלכען זיי אונטערזוכען דעם מעכאניזם פון די זייגערלעך].

watch'making *n.* (הוואטש'-מיי-קינג) אוהר-מאכעריי, זייגער-מאכעריי.

watch'man *n.* (הוואטש'-מען) א וואך-מאן, א וועכטער.

watch'-mee'ting *n.* (הוואטש'-מיט'-טינג) א גאטעסדיענסט, וואס ווערט אבגעהאלטען אין דער לעצטער נאכט פון יאהר צו בעגעגנען דאס נייע יאהר.

watch'-night *n.* (הוואטש'-נאיט) די לעצטע נאכט פון יאהר, אין וועלכער עס ווערען אבגעהאלטען גאטעסדיענסטען אין קירכען צו בעגעגנען דאס נייע יאהר.

watch'-oil *n.* (הוואטש'-אויל) א שטארק געריינינגטער אויל וואס ווערט בענוצט צום אוילען דאס ווערק פון א זייגער.

watch'-peel *n.* (הוואטש'-פיעל) א וואך-טורם.

watch'-pock'et *n.* (הוואטש'-פאק'-עט) א זייגער-קעשענע, א קעשענע אין וועלכער מען טראגט אן אוהר.

watch'-rate *n.* (הוואטש'-רייט) א בעשטייערונג [אין ענגלאנד] פאר בעלייכטונג און בעוואכונג פון א ישוב.

watch'spring *n.* (הוואטש'-ספרינג) די פרוזשינע פון א טאשען=אוהר.

watch'-stand *n.* (הוואטש'-סטענד) אן אוהר=האלטער, א געשטעל אויפצוהענגען א טאשען=אוהר, ווען מען טראגט זי ניט.

watch'-tow'er *n.* (הוואטש'-טאו'-ער) א וואך=טורם.

watch'word *n.* (הוואטש'-הווארד) א פאסיר=ווארט [א געהיימעס ווארט אדער פראגע וואס ווערט בענוצט, אז די וואך זאל לאזען דורכגעהן]; א צייכען, א סיגנאל אויף וועלכען מען ווארט זיך צו נעהמען צו דער ארבייט; א פאראלע, א לאזונגס=ווארט, א מאטא, א געדאנקען=שפרוך.

watch'work *n.* (הוואטש'-הווארק) אן אוהר=ווערק, דאס ווערק פון א טאשען=זייגער.

wa'ter *n. and v.* (הוואה'-טער) וואסער; א וואסער [ווי א טייך, א ים, אן אזערע א. ד. ג.]; די וואסערדיגע אויסטיילונגען פון קערפער [ווי טרעהרען, שוויים, אורין, שפייעכץ]; משקה; מינעראל=וואסער; דער שימערענדער גלאנץ וואס ווערט געמאכט אויף זייד; דורכזיכטיגקייט און קלארקייט ווי פון וואסער, די ריינקייט, קלארקייט און גלאנץ פון אן עדעלשטיין; די אקציעס, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען איבער דעם ווערטה פון דעם קאפיטאל, וואס אן אקציען=געזעלשאפט האט אריינגעלעגט אין געשעפט אדער איבער דעם ווערטה פון געשעפט; בעוואסערען; נאס מאכען, פייכט מאכען; בעשפריצען אדער בעגיסען מיט וואסער; אנטרינקען, אנפאיען, געבען טרינקען; טרינקען; אננעהמען וואסער; צוגעבען א שימערענדען גלאנץ, ווי אויף זייד; "פערוואסערען" די אקציעס פון אן אקציען=געזעלשאפט [ארויסלאזען מעהר אקציעס ווי דאס קאפיטאל=פערמעגען פון געשעפט]; אבשלאגען וואסער, לאזען אוריןֹ, משתין זיין; לאזען טרעהרען; וואסערען, פול ווערען מיט סלינע [ווי דאס מויל ווען מען איז הונגעריג]: אננעהמען וואסער, זיך בעזארגען מיט וואסער [ווי א שיף]; טרינקען וואסער.

wa'ter-ad'der *n.* (הוואה'-טער-עד'-ער) א וואסער=שלאנג.

wa'terage *n.* (הוואה'-טער-ערדזש) געצאהלט פאר פיהרען סחורה מיט'ן וואסער, וואסער=פראכט.

wa'ter-al'oe *n.* (הוואה'-טער-על'-או) ז. ***water-soldier***

wa'ter-anal'ysis *n.* (הוואה'-טער-ע-נעל'-אי-סיס) א וואסער=אנאליזע [א כעמישע אונטערזוכונג אויסצוגעפינען די ריינקייט פון וואסער].

wa'ter-an'telope *n.* (הוואה'-טער-ענ'-טי-לאופ) ז. ***water-buck***

wa'ter-ap'ple *n.* (הוואה'-טער-עפ'ל) ז. ***custard-apple***

wa'ter-back *n.* (הוואה'-טער-בעק) א וואסער=קעסעל אדער א רייהע וואסער=רעהרען וואס ווערט איינגעריכט הינטער א קאך=אויווען אדער הייץ=אויוועז אום צו בענוצען די היץ אויף צו ווארעמען וואסער.

wa'ter-bag *n.* (הוואה'-טער-בעג) דער צווייטער מאגען ביי א קעמעל, וואו ער האלט א זאפאס פון וואסער.

wa'ter-bai'liff *n.* (הוואה'-טער-ביי'-ליף) א בעאמטער אין א צאל=אמט [מאמזשנע] אין א האפען=שטאדט, וועלכער דארף אונטערזוכען די סחורה פון אריינגעקומענע שיפען; א בעאמטער אמאל אין לאנדאן וואס האט געהאט די אויפזיכט אויף דער אבהיטונג פון די געזעצען וועגען דער טעמזע [דער טייך אין לאנדאן].

wa'ter-barom'eter *n.* (הוואה'-טער-בע-ראמ'-ע-טער) א וואסער=באראמעטער [א בעראמעטער, וועלכער איז אנגעפילט מיט וואסער אנשטאט קוועקזילבער].

wa'ter-bar'rel *n.* (הוואה'-טער-בער'-על) א וואסער=פאס.

wa'ter-bath *n.* (הוואה'-טער-בעטה) א געשיר צום קאכען וואסער פאר כעמישע צוועקען; א וואסער=באד, א וואסער=וואנע [אין געגענזאץ צו א דאמפף=באד].

wa'ter-bean *n.* (הוואה'-טער-ביען) די אינדישע ים=רויז [אזא פלאנצע].

Wa'ter-bear'er *n.* (הוואה'-טער-בעהר'-ער) דער וואסערמאן, מזל דלי [איינער פון די צוועלף מזלות אדער שטערן=בילדער].

wa'ter-bear'er *n.* (הוואה'-טער-בעהר'-ער) א וואסער=טרעגער.

wa'ter-bed *n.* (הוואה'-טער-בעד) דאס שווימענדע בעט [אזא גומינער זאק וואס ווערט אנגעפילט מיט וואסער און ווערט בענוצט אלס אונטערבעט פאר קראנקע].

wa'ter-bee'tle *n.* (הוואה'-טער-ביע'טל) א וואסער=באבעלע, א וואסער=זשוק, א וואסער=קעפער, א וואסער=פליעג.

Water-beetle

wa'ter-bells *n.* (הוואה'-טער-בעלז) די אייראפעאישע ווייסע וואסער=ליליע.

wa'ter-bird *n.* (הוואה'-טער-בוירד) א וואסער=פויגעל, א שווים=פויגעל.

wa'ter-bis'cuit *n.* (הוואה'-טער-ביס'-קיט) א וואסער=ביסקוויט, א וואסער=קיכעל [געמאכט פון מעהל מיט וואסער].

wa'ter-blinks *n.* (הוואה'-טער-בלינקס) א וואלקענדעל איבער א וואסער אין די קאלטע געגענדען [וואס דיענט אלס צייכען וועגען דער אנוועזענהייט פון וואסער אין יענעם פלאץ].

wa'ter-blue *n.* (הוואה'-טער-בלוה) אזא שוואך=בלויע פארב.

wa'ter-board *n.* (הוואה'-טער-באורד) א ברעט ביים ברעג פון א שיפעל, וואס דערלאזט ניט, דאס וואסער זאל אריינשפריצען אין שיפעל.

wa'ter-boat *n.* (הוואה'-טער-באוט) א וואסער=שיפעל [א שיפעל וואס פיהרט טרינק=וואסער פאר שיפען].

wa'ter-boat'man *n.* (הוואה'-טער-באוט'-מען) אזא גרויסער אינזעקט וואס שווימט אויף'ן וואסער אזוי ווי א שיפעל; א וואסער=וואנץ [אזא וואסער=אינזעקט].

wa'ter-borne *a.* (הוואה'-טער-באורן) וואס ווערט געפיהרט אויף'ן וואסער.

The **water-borne** commerce of this country is very great.

wa'ter-borne goods (הוואה'-טער-באורן גודז) שיפס=פראכט.

wa'ter-bot'tle *n.* (הוואה'-טער-באט'ל) א וואסער=פלאש.

wa'ter-bound *a.* (הוואה'-טער-באונד) פערהאלטען דורך א וואסער [ווי דורך א פערפלייצונג].

While **water-bound**, the foraging party was attacked by guerillas.

wa'ter-brain *n.* (הוואה'-טער-בריין) קאפ=שווינדלונג ביי שאף.

wa'ter-brain fe'ver (הוואה'-טער-בריין פיע'-ווער) מענינגיטיס, ענטצינדונג פון דעם מארך=הייטעל [ז. ***meningitis***]; קאפ=וואסערזוכט [אנזאמלונג פון א וואסערדיגער פליסיגקייט אין קאפ. ז. ***hydrocephalus***].

wa'ter-brash *n.* (הוואה'-טער-ברעש) אזא שארפע פארם פון מאגען=קראנקהייט וואס דריקט זיך אוים אין שלעכטער פערדייאונג.

wa'ter-brax'y *n.* (הוואה'-טער-ברעק'-סי) רוהר=קראנקהייט, לאקסירונג ביי שעפסען.

wa'ter-brea'ther *n.* (הוואה'-טער-בריע'-טהער) א בעשעפעניש וואס קען אטעמען אין וואסער מיט דער הילף פון זשאברעס [קיעמען].

wa'ter-buck *n.* (הוואה'-טער-באק) א וואסער=אנטעלאפ [אזא אפריקאנער אנטעלאפ וואס האלט זיך אויף ביי וואסערען].

wa'ter-buf'falo *n.* (הוואה'-טער-באפ'-ע-לאו) ז. ***water-cow***

wa'ter-bug *n.* (הוואה'-טער-באג) א וואסער=וואנץ.

wa'ter-butt *n.* (הוואה'-טער-באט) א גרויסער וואסער=פאס ביי א הויז פאר רעגען=וואסער; אזא וואסער=אינזעקט [ז. ***water-beetle***].

wa'ter-cab'bage *n.* (הוואה'-טער-קעב'-עדזש) די אמעריקאנער ווייסע וואסער=ליליע.

wa'ter-can'cer *n.* (הוואה'-טער-קענ'-סער) ז. ***noma***

wa'ter-can'ker *n.* (הוואה'-טער-קענ'-קער) ז. ***noma***

wa'ter-car'riage *n.* (הוואה'-טער-קער'-אידזש) וואסער=טראנספארט [דאס פיהרען משא אויף'ן וואסער]; דאס פיהרען וואסער.

wa'ter-car'rier *n.* (הוואה'-טער-קער'-אי-ער) א וואסער=טרעגער.

wa'ter-cart *n.* (הוואה'-טער-קארט) א וואסער=וואגען, א וואגען צו פיהרען וואסער.

wa'ter-cask *n.* (הוואה'-טער-קעסק) א וואסער=פאס.

wa'ter-ca'vy *n.* (הוואה'-טער-קיי'-ווי) ז. ***capibara***

wa'ter-cen'tiped *n.* (הוואה'-טער-סענ'-טי-פעד) ז. ***hellgrammite***

wa'ter-cica'da *n.* (הוואה'-טער-סי-קיי'-דא) ז. ***water-boatman***

wa'ter-clock *n.* (הוואה'-טער-קלאק) א פארצייטיגער וואסער=זייגער. ז. ***clepsydra***

wa'ter-clos'et *n.* (הוואה'-טער-קלאז'-עט) א וואטער=קלאזעט [אן אבטרעט וואו דאס שמוץ ווערט דורך א ראהר אראבגעשווענקט מיט וואסער].

wa'ter-col'or *n.* (הוואה'-טער-קאל'-אר) וואסער-פארב [פארב צום מאלען וואס ווערט צולאזען אין וואסער און ניט

אין אויל]; אקווארעל=צייכנונג [מאלעריי מיט וואסער=פארב]; א בילד געמאלען מיט וואסער=פארב.

wa'ter-col'orist *n.* (הוואה'-טער-קאל'-אר-איסט) אן אקווארעל=צייכנער, א מאלער אין וואסער=פארבען.

wa'ter com'pany (הוואה'-טער קאמ'-פע-ני) א וואסער=געזעלשאפט [א געזעלשאפט, וועלכע שטעלט צו וואסער פאר געברויך].

wa'ter-cooled *a.* (הוואה'-טער-קוהלד) געקיהלט דורך וואסער [ווי די צילינדערס פון א גאז=מאטאר א. ד. ג.].

wa'ter-cool'er *n.* (הוואה'-טער-קוהל'-ער) א וואסער=קיהלער, א כלי צום אבקיהלען וואסער; א פארריכטונג צום קיהלען דורך וואסער.

wa'tercourse *n.* (הוואה'-טער-קאורס) א וואסער=שטראם; א טייך; א וואסער=גראבען; א וואסער=קאנאל; די ריכטונג פון א וואסער=שטראם אדער פון א טייך.

wa'ter-cow *n.* (הוואה'-טער-קאו) דער אינדישער ביפעל=אקס.

wa'ter-crack'er *n.* (הוואה'-טער-קרעק'-ער) א וואסער=קיכעל, א וואסער=ביסקוויט. ז. *water-biscuit*.

wa'ter-craft *n.* (הוואה'-טער-קרעפט) שיפען, שיפלעך.

wa'ter-crane *n.* (הוואה'-טער-קריין) א הויב=מאשין אנצוגיסען וואסער אין א לאקאמאטיוו; א הויב=מאשין וואס ווערט בעטריבען דורך וואסער=קראפט.

wa'ter-cress *n.* (הוואה'-טער-קרעס) די וואסער=קרעסע, די ברונעם=קרעסע [א קלעטערענדע פלאנצע וועלכע וואקסט אין ברונעמער, קוואלען אדער טייכען].

wa'tercup *n.* (הוואה'-טער-קאפ) דער וואסער=נאפעל. ז. *pennywort*.

wa'ter-cure *n.* (הוואה'-טער-קיור) הידראפאטהיע, וואסער=קור, די מעטאדע צו היילען קראנקהייטען מיט דער הילף פון וואסער.

wa'ter-dev'il *n.* (הוואה'-טער-דעוו'ל) די לארווא פון געוויסע וואסער=אינזעקטען. ז. *hellgrammite*.

wa'ter-doc'tor *n.* (הוואה'-טער-דאק'-טאר) א וואסער=דאקטאר, א הידראפאטהיסט, א דאקטאר וואס קורירט קראנקהייטען דורך וואסער=קור. ז. *water-cure*.

wa'ter-dog *n.* (הוואה'-טער-דאג) א וואסער=הונד [א הונד וואס איז געלערענט צו געהן אין וואסער אויף יאגד]; א קליינער וואלקען וואס ווייזט אויף רעגען; אזא גרויסער סאלאמאנדער [ז. *salamander*]; אן אלטער מאטראז.

wa'ter-drain *n.* (הוואה'-טער-דריין) א וואסער=אבצוג, א גראבען אדער קאנאל אבצוציהען וואסער.

wa'ter-drai'nage *n.* (הוואה'-טער-דריי'-נעדזש) וואסער=אבצוג [דורך גראבענס אדער קאנאלען].

wa'ter-dress'ing *n.* (הוואה'-טער-דרעס'-אינג) דאס צולעגען וואסער צו א וואונד.

wa'ter-drin'ker *n.* (הוואה'-טער-דרינ'-קער) א וואסער=טרינקער; א פראהיביציאניסט, א געגנער פון טרינקען אלקאהאלישע געטרענקע.

wa'ter-drip *n.* (הוואה'-טער-דריפ) א כלי אונטער א וואסער=קיהלער [וואוהין עס טריפט אריין דאס וואסער פון דעם וואסער=קיהלער]. ז. *water-cooler*.

wa'ter-drop *n.* (הוואה'-טער-דראפ) א וואסער=טראפען, א טרעהר.

wa'ter-drop'per *n.* (הוואה'-טער-דראפ'-ער) אזא אפאראט צו מעסטען די עלעקטרישע שפאנונג פון דער לופט דורך טריפענדע וואסער=טראפען.

wa'tered *a.* (הוואה'-טערד) מיט וועלען=ליניען אדער וועלען=שטרייפען ווי זיי ווערען געמאכט פון וואסער; געוואסערט; בעוואסערט; אנגעטרונקען, אנגעפאיעט. ז. *water*.

wa'tered stock (הוואה'-טערד סטאק) געוואסערטע אקציעס [אקציעס, וואס אן אקציען=געזעלשאפט לאזט ארויס איבער דעם ווערטה פון קאפיטאל, וואס איז אריינגעלעגט אין געשעפט, אדער איבער דעם ווערטה פון געשעפט].

wa'ter-el'der *n.* (הוואה'-טער-על'-דער) די שנעע=באל רויז [אזא בלומען=פלאנצע].

wa'ter-el'ephant *n.* (הוואה'-טער-על'-אי-פענט) א ניל=פערד, א פלוס=פערד, א היפאפאטאמוס. ז. *hippopotamus*.

wa'ter-el'evator *n.* (הוואה'-טער-על'-אי-וויי-טאר) א הויב=מאשין צו שעפען וואסער פון א ברונעם אדער ארויפצוהויבען וואסער אין דער הויך; א הויב=מאשין וואס ווערט בעטריבען דורך וואסער=קראפט.

wa'ter-elm *n.* (הוואה'-טער-עלם) דער ווייסער אולם=בוים. ז. *elm*.

wa'ter-en'gine *n.* (הוואה'-טער-ענ'-דזשין) א וואסער=ווערק, א שעפ=ווערק, א מאשין צו שעפען וואסער; א מאשין וואס ווערט בעטריבען דורך וואסער=קראפט.

wa'terer *n.* (הוואה'-טער-ער) א בעוואסערער; איינער וואס פערוואסערט אדער גיסט אריין וואסער; איינער וואס "פערוואסערט" אקציעס [ז. *watered stock*]; א כלי צו בעגיסען אדער בעשפריצען פלאנצען; א כלי צום אנטרינקען אדער אנפאיען [בהמות].

wa'terfall *n.* (הוואה'-טער-פאהל) א וואסער=פאל; א שניפס מיט נאכהענגענדע ענדען; א שיניאן [אזא האר=פריזור. ז. *chignon*].

wa'ter-far'ming *n.* (הוואה'-טער-פאהר'-מינג) די קולטיווירונג פון וואסער=פלאנצען.

wa'ter-fil'ter *n.* (הוואה'-טער-פיל'-טער) א וואסער=פילטער [א פארריכטונג צו פילטרירען אדער רייניגען וואסער].

wa'ter-fire *n.* (הוואה'-טער-פאיר) אזא זומפ=פלאנצע פון די הייסע געגענדען [וואקסט אפט אויף רייז=פעלדער].

wa'ter-flan'nel *n.* (הוואה'-טער-פלענ'-על) וואסער=פילץ, וואסער=פעדים [אזא פילץ=עהנליכער שטאף פון וואסער=גראזען וואס זעצט זיך אב אין וואסער].

wa'ter-flea *n.* (הוואה'-טער-פליע) א וואסער=פלוי [אזא קליינע וואסער=בעשעפעניש וואס שפרינגט ארום אין וואסער ווי א פלוי].

Water-flea

wa'ter-flood *n.* (הוואה'-טער-פלאד) א וואסער=פערפלייצונג.

wa'terflow *n.* (הוואה'-טער-פלאו) א וואסער=פלוס; א וואסער=שטראם; די מאס פליסענדעס וואסער.

wa'ter-fly *n.* (הוואה'-טער-פלאי) א וואסער=פליעג.

wa'ter-fowl *n.* (הוואה'-טער-פאול) וואסער=פויגעל; שווים=פויגעל.

wa'ter-frame *n.* (הוואה'-טער-פריים) א שפין=מאשין געטריבען פון וואסער=קראפט.

wa'ter-fright *n.* (הוואה'-טער-פראיט) הידראפאביע. ז. *hydrophobia*.

wa'terfront *n.* (הוואה'-טער-פראנט) א וואסער=פראנט, א פלאץ, וואס גרענעצט זיך מיט א וואסער.

wa'ter-gage *n.* (הוואה'-טער-גיידזש) א וואסער=מעסטער [א מאס צו מעסטען די הויך פון וואסער אין א רעזערוואואר אדער קעסעל].

wa'ter-gall *n.* (הוואה'-טער-גאהל) א לאך אדער הויל אין דער ערד וואס איז אויסגעשווייגקט געווארען דורך א וואסער; אן ערשיינונג אין הימעל וואס דייטעט אן אויף א רעגען, א רעגענבויגען=פלעק.

wa'ter-gate *n.* (הוואה'-טער-גייט) א וואסער=טויער [א טויער דורך וועלכען א וואסער ווערט דורכגעלאזען אדער אבגעשלאסען]; א טויער דורך וועלכען מען האט א צוטריט צו א וואסער=שטראם.

wa'ter-gauge *n.* (הוואה'-טער-גיידזש) ז. *water-gage*.

wa'ter-german'der *n.* (הוואה'-טער-דזשויר-מענ'-דער) דער קנאבעל=גערמאנדער [אזא פלאנצע. ז. *germander*].

wa'ter-gil'ding *n.* (הוואה'-טער-גיל'-דינג) דאס בעגילדען מיט גאלד=אמאלגאם [א געמיש פון גאלד מיט קוועקזילבער], פון וועלכען דאס קוועקזילבער ווערט נאך'ן בעגילדען ארויסגעצויגען דורך היץ.

wa'ter-glass *n.* (הוואה'-טער-גלעס) א וואסער=שפאקטיוו [א שפאקטיוו פאר בעאבאכטונגען אונטער'ן וואסער]; אזא פארצייטיגער וואסער=זייגער; דאס גלעזעל וואס ווערט אריינגעשטעלט אין א דאמפף=קעסעל צו בעאבאכטען די הויכקייט פון וואסער אין קעסעל.

wa'ter-god *n.* (הוואה'-טער-גאד) א וואסער=גאט.

wa'ter-gru'el *n.* (הוואה'-טער-גרוה'-על) האבערנע קאשע געקאכט בלויז מיט וואסער; האבער=זופ געקאכט בלויז מיט וואסער.

wa'ter-guard *n.* (הוואה'-טער-גארד) א טייך=וועכטער, א האפען=וועכטער; א צאל=בעאמטער וואס פאסט אויף, אז שיפען זאלען ניט אריינפעקלען קיין קאנטראבאנדע.

wa'ter-hair'grass *n.* (הוואה'-טער-העהר'-גרעס) אזא גראז מיט דינע צווייגלעך, וואס וואקסט אין די פלאכע וואסערען אין די נארדליכע געגענדען.

wa'ter-ham'mer *n.* (הוואה'-טער-העמ'-ער) דער שטויס וואס עס הערט זיך פון א וואסער=מאסע וואס פליסט דורך א ראהר, ווען זי ווערט פלעצליך אבגעשטעלט; דער גערויש ווי דאס קלאפען פון א האמער אין א דאמפף=רעהר וואס ווערט פעראורזאכט פון וואסער, וואס געפינט זיך אין רעהר ווען הייסער דאמפף געהט דורך; א שפיעלצייג וואס בעשטעהט פון א פעסט=פערמאכטען רעהרעל, פון וועלכען די לופט איז אויסגעפומפט און וועלכעס ענטהאלט א ביסעל וואסער [דאס וואסער אין רעהרעל קלאפט מיט א גערויש ווי

פון א האמער]; א דערהיצטער מעטאלענער האמער צום פעראורזאכען לייכטע בלאטערען אויף'ן לייב אדער צום אויסברענען א וואונד.

wa′ter-heat′er *n.* (הוואה′-טער-היעט′-ער) א וואסער=ווארמער [אן אפאראט אנצוווארעמען וואסער]; א ווארם=אפאראט, וואס ווארעמט מיט דער הילף פון הייסען וואסער.

wa′ter-hen *n.* (הוואה′-טער-העז) די וואסער=הוהן [אזא וואסער=פויגעל וואס איז עהנליך צו א הוהן].

wa′ter-hog *n.* (הוואה′-טער-האג) דער וואסער=שוויין, דער טייך=שוויין [אזא שוויין=עהנליכע חיה אין אפריקא וואס לעבט ביי די ברעגען פון טייכען]. ז. *capibara*.

wa′ter-ice *n.* (הוואה′-טער-אים) אייז געמאכט פון צוקער=וואסער און פרוכטזאפט.

wa′teriness *n.* (הוואה′-טער-אי-נעס) וואסערדיגקייט, פייכטקייט, נאסקייט.

wa′tering *n.* (הוואה′-טער-אינג) דאס בעוואסערען, דאס בעשפריצען מיט וואסער; דאס צוגעבען א וועלען=פערמיגען אויסזעהן; א בעוואסערונגס=פלאץ.

wa′tering-call *n.* (הוואה′-טער-אינג-קאהל) א מיליטערישער סיגנאל פאר קאוואלעריע=סאלדאטען צו פיהרען אנטרינקען די פערד.

wa′tering-cart *n.* (הוואה′-טער-אינג-קארט) א שפריץ=וואגען, א בעוואסערונגס=וואגען.

wa′tering-house *n.* (הוואה′-טער-אינג-האוס) א הויז אדער אכסניא וואו עס ווערט געהאלטען וואסער פאר פערד צום טרינקען.

wa′tering par′ty (הוואה′-טער-אינג פאר′-טי) א קאמאנדע סאלדאטען וואס ווערען ארויסגעשיקט אנצוטרינקען די פערד.

wa′tering-place *n.* (הוואה′-טער-אינג-פל/יס) א וואסער=ארט, אן ארט, וואו עס איז/דא וואסער צו טרינקען אדער פאר אנדערע צוועקען; אן ארט פון בעדער פאר קוראציע.

wa′tering-pot *n.* (הוואה′-טער-אינג-פאט) א וואסער=קאן, א גיס=קאן; א כלי צו בעגיסען אדער בעשפריצען פלאנצען; א מין מוישעל.

Watering-pot

wa′tering-trough *n.* (הוואה′-טער-אינג-טראהף) א וואסער=קארעטע.

wa′terish *a.* (הוואה′-טער-איש) פול מיט וואסער; וואס ענטהאלט וואסער; וואסערדיג; שוואך.

wa′terishness *n.* (הוואה′-טער-איש-נעס) וואסעריגקייט.

wa′ter-lade *n.* (הוואה′-טער-לייד) א רינע, א קאנאווע אבצוציהען וואסער.

wa′terleaf *n.* (הוואה′-טער-ליעף) דאס וואסער=בלאט [א וואסער=פלאנצע]; אין פאפיער=פאבריקאציאן — נאך ניט אינגאנצען פארטיגעס פאפיער, גלייך ווי עס איז ארויס פון דער ערשטער פרעס.

wa′ter-lem′on *n.* (הוואה′-טער-לעמ′-אן) די לארבער=בלעטערדיגע פאסיאנס=בלום אדער ליידענס=בלום. ז. *passion-flower*.

wa′terless *a.* (הוואה′-טער-לעס) וואסערלאז, אהן וואסער, טרוקען.

wa′ter-lev′el *n.* (הוואה′-טער-לעוו′-על) די וואסער=פלעכע, דער וואסער=שפיעגעל, דער וואסער=שטאנד; א ניוועליר=אינסטרומענט, וואו וואסער ווערט געברויכט אנשטאט קוועקזילבער אדער ספיריט [ז. *leveling-instrument*].

wa′ter-lil′y *n.* (הוואה′-טער-ליל′-אי) די וואסער=ליליע [איינע פון פערשיעדענע מינים וואסער=פלאנצען].

Water-lily

wa′ter-line *n.* (הוואה′-טער-לאין) די וואסער=ליניע [די ליניע אויף די וואנד פון אן אנגעלאדענער שיף ביז וועלכער עס דערגרייכט דאס וואסער]; די וואסער=פלעכע, דער וואסער=שפיעגעל; א וואסער=ליניע אדער וואסער=צייכען אין פאפיער.

wa′ter-lined *a.* (הוואה′-טער-לאינד) מיט וואסער=ליניען, מיט האלב=דורכזיכטיגע ליניען [וועגען פאפיער].

wa′ter-logged *a.* (הוואה′-טער-לאגד) פול מיט וואסער [וועגען א שיף, אין וועלכער עס האט אריינגעדרונגען דורך די רינעס אדער שפאלטען פיעל וואסער און זי איז געווארען אזוי שווער, דאס מען קען זי ניט קירעווען]; דורכגעזאפט מיט וואסער.

wa′ter-main *n.* (הוואה′-טער-מיין) די הויפט=רעהר פון א וואסער=לייטונגס=סיסטעם.

wa′terman *n.* (הוואה′-טער-מען) א שיפער, אן איבערשיפער [איינער וואס פיהרט איבער מענשען אדער זאכען אין א שיף, מיט א פאראם א. ז. וו.]; איינער וואס האלט זיך אויף צווישען בעלי=עגלות און בעשעפטיגט זיך מיט אנטרינקען די פערד; א וואסער=טרעגער, א וואסער=פיהרער.

wa′termanship *n.* (הוואה′-טער-מען-שיפ) שיפעריי, די בעשעפטיגונג פון א שיפער, די קונסט פון רודערען.

wa′ter-mark *n. and v.* (הוואה′-טער-מארק) א דורכזיכטיגער וואסער=צייכען אויף פאפיער; די וואסער=ליניע [ז. *water-line*]; מאכען וואסער=צייכענס אין פאפיער.

wa′ter-mead′ow *n.* (הוואה′-טער-מעד′-או) א וואסער=לאנקע [א לאנקע וואס ווערט פערפלייצט מיט וואסער אין געוויסע צייטען פון יאהר].

wa′ter-meas′urer *n.* (הוואה′-טער-מעזש′-אור-ער) אזא וואסער=אינזעקט.

wa′termelon *n.* (הוואה′-טער-מעל-אן) א וואסער=מעלאן, א קאוואן.

wa′ter-me′ter *n.* (הוואה′-טער-מיע′-טער) א וואסער=מעסטער, אן אינסטרומענט אויטאמאטיש צו פערצייכנען ווי פיעל וואסער עס געהט דורך איהם דורך, אן אינסטרומענט צו בעשטימען ווי פיעל וואסער עס ווערט אויסגעדונסטעט אין א בעשטימטער צייט.

wa′ter-mill *n.* (הוואה′-טער-מיל) א וואסער=מיהל.

wa′ter-mon′key *n.* (הוואה′-טער-מאנ′-קי) אזא ליימענער וואסער=קרוג מיט א הויכען האלז.

wa′ter-mo′tor *n.* (הוואה′-טער-מאו′-טאר) א וואסער=ראד [ווי אין א וואסער=מיהל]; א טורבינע [ז. *turbine*].

wa′ter-mur′rain *n.* (הוואה′-טער-מאר′-איין) אזא קראנקהייט ביי בהמות.

wa′ter-nix′y *n.* (הוואה′-טער-ניק′-סי) א וואסער=גייסט, אן עלף, א רוסאלקע.

wa′ter-ox *n.* (הוואה′-טער-אקס) ז. *water-cow*.

wa′ter-par′ting *n.* (הוואה′-טער-פאר′-טינג) ז. *watershed*.

wa′terphone *n.* (הוואה′-טער-פאון) אן אינסטרומענט צו בעאבאכטען דעם וואסער=פלוס אין [אונטערערדישע] רעהרען און אויסצוגעפינען, אויב זיי רינען.

wa′ter-pil′lar *n.* (הוואה′-טער-פיל′-אר) ז. *water-crane*.

wa′ter-pim′pernel *n.* (הוואה′-טער-פימ′-פער-נעל) ז. *pimpernel*.

wa′ter-pipe *n.* (הוואה′-טער-פאיפ) א וואסער=רעהר, א רעהר דורכצולאזען וואסער.

wa′ter-pitch′er *n.* (הוואה′-טער-פיטש′-ער) א קרוג צו האלטען וואסער; אזא פלאנצע מיט קריגלעך=פערמיגע בליהונגען.

wa′ter-plant *n.* (הוואה′-טער-פלענט) א וואסער=פלאנצע [א פלאנצע וואס וואקסט אין וואסער].

wa′ter-plate *n.* (הוואה′-טער-פלייט) א טעלער מיט צוויי דעקען, צווישען וועלכע עס ווערט אריינגעגאסען הייס וואסער, אום צו האלטען ווארעם די שפייז.

wa′ter-poise *n.* (הוואה′-טער-פאיז) אזא אינסטרומענט צו בעשטימען דאס ספעציפישע געוויכט פון פערשיעדענע פליסיגקייטען [זייער געוויכט אין פערגלייך מיט דעם געוויכט פון וואסער וואס איז גענומען אין דערזעלבער מאס].

wa′ter-pot *n.* (הוואה′-טער-פאט) א טאפ אדער אנדער כלי צו האלטען וואסער; א וואסער=קאן [צו בעשפריצען פלאנצען]; א פיש=טאפ.

wa′ter-pow′er *n.* (הוואה′-טער-פאו′-ער) וואסער=קראפט; דאס וואסער וואס ווערט בענוצט אלס קראפט צו אירגענד וועלכער בעוועגונג.

wa′ter-press *n.* (הוואה′-טער-פרעס) ז. *hydraulic press*.

wa′terproof *a., n. and v.* (הוואה′-טער-פרוהף) וואסער=פעסט, וואסער=דיכט [אזוי געדיכט דאס עס לאזט ניט דורך קיין וואסער]; וואסער=צייג [צייג וואס לאזט דורך זיך ניט דורך קיין וואסער, ווי דאס צייג פון וועלכען מען מאכט רעגען=מאנטלען]; א קאוטשוק=מאנטעל, א רעגען=מאנטעל; מאכען וואסער=דיכט אדער וואסער=פעסט.

wa′terproofer *n.* (הוואה′-טער-פרוה-פער) איינער וואס מאכט צייג אדער אנדערע מאטעריאלען וואסער=דיכט [עס זאל ניט דורכלאזען קיין וואסער].

wa′terproofing *n.* (הוואה′-טער-פרוה-פינג) דאס מאכען צייג וואסער=דיכט [עס זאל ניט דורכלאזען קיין וואסער]; א מאטעריאל מיט וועלכען מען מאכט צייג וואסער=דיכט [ווי למשל, קאוטשוק].

wa′ter-pump *n.* (הוואה′-טער-פאמפ) א וואסער=פומפ; די אויגען [א הומאריסטישער אויסדרוק].

wa'ter-rad'ish *n.* (הוואה'-טער-רעד'-איש) אזא וואסער=קרעסע. ז. ***water-cress***

wa'ter-ram *n.* (הוואה'-טער-רעם) ז. ***hydraulic ram***

wa'ter-rat *n.* (הוואה'-טער-רעט) ז. ***muskrat***

wa'ter-rate *n.* (הוואה'-טער-רייט) א שטייער אדער טאקסע פאר בעזארגען מיט וואסער.

wa'ter-rent *n.* (הוואה'-טער-רענט) ז. ***water-rate***

wa'ter-rose *n.* (הוואה'-טער-ראוז) ז. ***water-lily***

wa'ter-rot *v.* (הוואה'-טער-ראט) ווייקען אין וואסער [ווי האנף אדער לייווענד].

wa'ter-route *n.* (הוואה'-טער-רוהט) א וואסער=וועג [ווי א טייך].

wa'ter-screw *n.* (הוואה'-טער-סקרוה) ז. ***Archimedean screw***

wa'tershed *n.* (הוואה'-טער-שעד) די ליניע, וועלכע טיילט אב אין א לאנד איין טייך מיט אלע איהרע צווייגען פון א צווייטען [דיעזע ליניע בעשטעהט אפט פון א בערג=רוקען].

wa'ter-shoot *n.* (הוואה'-טער-שוהט) א רעהר, דורך וועלכען דאס וואסער ווערט ארויסגעגאסען פון א הויז; א צווייגעל וואס שפראצט ארויס פון ווארצעל פון א בוים.

wa'terside *n.* (הוואה'-טער-סאיד) די וואסער=זייט, דער ברעג פון א טייך אדער פון ים.

wa'ter-skin *n.* (הוואה'-טער-סקין) א לאגעל. א זאק געמאכט פון א פעל צו טראגען וואסער.

wa'ter-sky *n.* (הוואה'-טער-סקאי) אן אבשפיעגלונג אין הימעל [אין די קאלטע לענדער], וואס דיענט אלס צייכען, אז אונטער יענעם פלאץ געפינט זיך א וואסער.

wa'ter-snail *n.* (הוואה'-טער-סנייל) דער וואסער=שנעק [א מין שליאמאק וואס געפינט זיך אין וואסער].

wa'ter-soak *v.* (הוואה'-טער-סאוק) דורכווייקען מיט וואסער.

wa'ter-sod'den *a.* (הוואה'-טער-סאד'ן) צואווייקט פון וואסער; ווייך געווארען דורך וואסער.

wa'ter-sol'dier *n.* (הוואה'-טער-סאול'-דזשער) די אלאע=ארטינע וואסער=שער [אזא וואסער=פלאנצע].

Water-soldier

w'ater-sou'chy *n.* (הוואה'-טער-סאו'-טשי) פיש געקאכט אין זייער איינענעם סאוס.

wa'ter-span'iel *n.* (הוואה'-טער-ספענ'-יעל) אזא וואכטעל=הונד. ז. ***spaniel***

wa'ter-spi'der *n.* (הוואה'-טער-ספאי'-דער) דער וואסער=שפין [אזא שפין וועלכער האלט זיך אויף אין א מין זעקעלע פון שפינוועבס, וואס הענגט אויף א וואסער=פלאנצע אונטער'ן וואסער]; אזא וואסער=אינזעקט.

wa'ter-spin'ner *n.* (הוואה'-טער-ספינ'-ער) ז. ***water-spider***

wa'terspout *n.* (הוואה'-טער-ספאוט) א וואסער=שטראהל, א שפריץ וואסער; א וואסער=קישקע, א קישקע צו שפריצען וואסער; א וואסער=זייל [אזא ווירבעלשטורם אויף'ן ים, ווען א שווארצער וואלקען לאזט זיך אראב נידריג אין דער פארם פון א לייקע און אונטער איהם הויבט זיך אויף א זייל פון א ברויזענדען וואסער. ז. איל.].

Waterspout

wa'ter-sprite *n.* (הוואה'-טער-ספראיט) א וואסער=גייסט, א וואסער=שד.

wa'ter-stairs *n.* (הוואה'-טער-סטעהרז) טרעפ וואס פיהרען ארונטער צום וואסער.

wa'ter-stream *n.* (הוואה'-טער-סטריעם) א וואסער=שטראם, א טייך.

wa'ter-supply' *n.* (הוואה'-טער-סא-פלאי') די וואסער=בעזארגונג [די קוואנטיטעט אדער קוואליטעט פון וואסער וואס בעקומט זיך און ווערט פערברויכט אין א שטאדט, דארף א. ד. ג.; די פערזארגונג מיט וואסער א שטאדט, דארף א. ז. וו.].

wa'ter-ta'ble *n.* (הוואה'-טער-טיי'בל) א לייסט ביי א געביידע אבצואווארפען דאס רעגען=וואסער פון די ווענד.

wa'ter-tank *n.* (הוואה'-טער-טענק) א וואסער=האלטער, א ציסטערנע, א רעזערוואר צו האלטען וואסער.

wa'ter-thermom'eter *n.* (הוואה'-טער-טהער-מאמ'-ע-טער) א וואסער=טערמאמעטער, אזא טערמאמעטער וואו וואסער ווערט געברויכט אנשטאט קוועקזילבער.

wa'ter the stock (הוואה'-טער טהי סטאק) פערוואסערען די אקציעס [ארויסלאזען מעהר אקציעס איידער די גרויס פון קאפיטאל אדער דער ווערטה פון געשעפט]; אנפאיען אדער אנטרינקען די בהמות.

wa'ter-tight *a.* (הוואה'-טער-טאיט) וואסער=דיכט, וואסער=פעסט [וואס לאזט דורך זיך ניט דורך קיין וואסער].

wa'terway *n.* (הוואה'-טער-הוויי) א וואסער=לויף [דער לויף אדער די שטרעמונג פון וואסער]; א וואסער=וועג, א שטראם, דער טייל פון א וואסער, וואו שיפען שטעלען זיך אב.

wa'ter-wheel *n.* (הוואה'-טער-הוויעל) א וואסער=ראד, א טורבינע [א ראד וואס ווערט געטריבען דורך וואסער=קראפט צו בעוועגען א מאשין, ווי א מיהל א. ד. ג.]; א ראד צום שעפען וואסער.

wa'ter-wing *n.* (הוואה'-טער-הווינג) א וואסער=פליגעל [א וואסער=וואנד צו שיצען א בריק].

wa'terwork *n.* (הוואה'-טער-הווארק) א וואסער=ווערק; א וואסער=לייטונג; א מאשין צו טרייבען וואסער; א סצענע אדער פאראד אויף'ן ים; מאלעריי מיט וואסער=פארב; א מין טעפיך געפארבט מיט וואסער=פארב.

wa'ter-worn *a.* (הוואה'-טער-הוואורן) אויסגענאגט אדער אויסגעריבען פון וואסער [ווי א פעלז, אן וועלכען עס שלאגען זיך אב די וועלען פון א טייך אדער ים].

wa'tery *a.* (הוואה'-טער-אי) וואסערדיג; וואס ענטהאלט וואסער; וואס בעשטעהט פון וואסער; ענהליך צו וואסער; פליסיג; ווייך, צואווייקט, צוקראכען.

watt *n.* (הוואט) א וואט, אן עלעקטרישע איינהייט צו מעסטען די ארבייט פון אן עלעקטרישען שטראם [פאר דער איינהייט ווערט אנגענומען אן עלעקטרישער שטראם פון 1 וואלט שפאנונג און 1 אמפער שטארקייט].

wat'tle *n. and v.* (הוואטל) א ראהם אדער ווענטעל געפלאכטען פון ריטער אדער שטעקענס [ז. ***hurdle***]; א געפלעכט; א ריטעל, א צווייגעל; דאס לעפעל וואס הענגט אראב פון האלז ביי א האהן און אנדערע פויגעל; איינס פון די עקעלעך וואס הענגען אראב ארום מויל ביי געוויסע פיש [ווי ביי א קארפ]; אן אראבהענגענדער קנייטש פון פעל ביי געוויסע מינים חזירים; א מין אקאציען=בוים אין אויסטראליען; פלעכטען ריטלעך אין דער פארם פון א נעץ; צוזאמענבינדען מיט ריטלעך אדער צווייגלעך; פלעכטען ווי א קארב.

wat'tle-bark *n.* (הוואט'ל-בארק) די קארע פון געוויסע אויסטראליער אקאציען=בוימער, וואס ווערט געברויכט צו גארבען פעל.

wat'tle-bird *n.* (הוואט'ל-בוירד) אזא אויסטראלישער גרויער פויגעל מיט לעפעלעך, וואס הענגען אראב איבער די אויערען [ז. איל.]; די טעלאגאלא=הוהן [א מין אויסטראלישער אינדיק. ז. ***brush-turkey***].



Wattle-bird

wat'tled *a.* (הוואטלד) מיט אראבהענ=

גענדע לעפלעך [ווי ביי א האהן]; וואס שטעלט פאר דעם קאפ פון א האהן מיט אראבהענגענדע לעפלעך [וועגען א שילד אדער הערב].

wat'tle-gum *n.* (הוואט'ל-גאם) אזא אויסטראלישע גומי.

wat'tle-tree *n.* (הוואט'ל-טריע) אזא אויסטראלישער אקאציען=בוים.

wat'tle-tur'key *n.* (הוואט'ל-טויר'-קי) ז. ***brush-turkey***.

wat'tlework *n.* (הוואט'ל-הוואירק) דאס פלעכט=ווערק, א זאך וואס איז געפלאכטען פון ריטלעך אדער צווייגלעך.

wat'tling *n.* (הוואט'-לינג) פלעכט=ווערק, א וואנד אדער ראהם וואס איז געפלאכטען פון ריטער.

watt'meter *n.* (הוואט'-מיע-טער) א וואט=מעסטער, אן אינסטרומענט צו מעסטען עלעקטרישע קראפט אין וואטען. ז. ***watt***.

waul *v.* (הוואהל) שרייען ווי א קאץ, מיאוקען.

wave *n. and v.* (הווייוו) א וועלע, א כוואליע, אן אינד; א וועלענפערמיגע בעוועגונג; עפעס וואס קומט אן ווי א כוואליע [ווי א שטארקע פאלקס=בעוועגונג, א שטארקע הויבונג פון שטימונג אדער געפיהלען]; א וועלען=עהנליכער גלאנץ [ווי פון זייד]; דער ים, וואסער [אלס פאעטישער אויסדרוק]; אין מעטעאראלאגיע — א שארפע ענדערונג פון טעמפעראטור איבער א ברייטער געגענד [ווי א כוואליע פון היץ אדער קעלט]; ברייננגען אין א וועלען=בעוועגונג, מאכען עס זאל פליסען וועלען=פערמיג; וויעגען, בעוועגען; סיגנאליזירען שאקלענדיג מיט דער האנד, מיט א פלאג א. ז. וו.; געבען צייכענס, ווינקען; מאכען א וועלען=פערמיגען אוזאר; פלאטערען, וועהען, שווינגען; זיך בעוועגען וועלען=פערמיג; ברייננגען א קרבן תנופה [ז. ***wave-loaf***].

waved *a.* (הווייווד) וועלען=פערמיג, ווי כוואליעס; געוועסערט, מיט א וועלען=פערמיגען קאליר [וועגען זייד, שטאהל א. ז. וו.].

wave'less *a.* (הווייוו'-לעס) אהן וועלען, גלאט, רוהיג.

wave'let *n.* (הווייוו'-לעט) א קליינע וועלע אדער כוואליע.

wave'-loaf *n.* (הווייוו'-לאוף) ביי די פארצייטיגע אידען — דער לחם תנופה [א לאבען ברויט פון די ערשטע צייטיגע תבואות, וואס די אידען פלעגען ברייננגען אלס קרבן און די כהנים פלעגען עס אויפהויבען אין דער הויך און בעוועגען אין אלע זייטען איידער זיי פלעגען עס פערברענען אויף'ן מזבח].

wave'-mo'tion *n.* (הווייוו'-מאו'-שאן) א וועלען=פערמיגע בעוועגונג.

wave'-of'fering *n.* (הווייוו'-אפ'-ער-אינג) דער קרבן תנופה, דאס שווינג=אפפער. ז. ***wave-loaf***.

wa'ver *v. and n.* (הוויי'-ווער) שוועבען, פלאטערען, וועהען, ציטערען; פינקלען, א בליאסק טהאן, גלימערען; שוואנקען, וואקלען; ניט זיין זיכער ביי זיך; זיך שלאגען מיט דער דעה; זיין אונענטשלאסען; איינער אדער עפעס וואס מאכט פליסען וועלען=פערמיג; אין דרוקעריי — אן אפאראט וואס גיסט פאנאנדער טינט איבער דעם ברעט אדער איבער די וואלצען פון דער דרוק=פרעס.

wa'verer *n.* (הוויי'-ווער-ער) איינער וואס וואקעלט זיך; איינער וואס שלאגט זיך מיט דער דעה; אן אונענטשלאסענער מענש; איינער אדער עטוואס וואס וואקעלט זיך אדער שאקעלט זיך.

wa'vering *a.* (הוויי'-ווער-אינג) אונענטשלאסען; אונבעשטענדיג.

wa'veringly *adv.* (הוויי'-ווער-אינג-לי) אויף א וואקלענדען, אונענטשלאסענעם שטייגער.

wa'veringness *n.* (הוויי'-ווער-אינג-נעס) דאס וואקלען זיך; אונענטשלאסענהייט, אונבעשטענדיגקייט.

wa'very *a.* (הוויי'-ווער-אי) וואס וואקעלט זיך; וואס שלאגט זיך מיט דער דעה; אונענטשלאסען.

wave'son *n.* (הווייוו'-סאן) סחורות און זאכען וואס בלייבען שווימען אויף'ן וואסער נאך א שיפס=ברוך.

wave the blood'y shirt (הווייוו טהי בלאד'-אי שוירט) דערמאנען די קריוודעס פון אמעריקאנער בירגער=קריעג; אויפזוכען אלטע חטאים, אויפדעקען אלטע וואונדען.

wave'-worn *a.* (הווייוו'-הוואורן) צושלאגען אדער אויסגענאגט פון די וועלען [ווי א פעלזיגער ברעג פון ים].

wa'vey *n.* (הוואה'-ווי) די וואווא, די שנעע=גאנז [אזא ווייסע גאנז].

wa'vily *adv.* (הוויי'-ווי-לי) וועלענפערמיג.

wa'vy *a.* (הוויי'-ווי) וועליג, וועלענפערמיג, וועלענארטיג.

wa'vy *n.* (הוואה'-ווי) ז. ***wavey***.

wawl *v.* (הוואהל) ז. ***waul***.

wax *n. and v.* (הוועקס) 1. וואקס; 2. יעדער שטאף וואס איז עהנליך צו וואקס [ווי טריף=וואקס, זיעגעל=לאק, אויער=וואקס, שוסטער=פעך א. ז. וו.]; 3. וואוטה, ליידענשאפט, צורייצטקייט, אויפגעקאכטקייט; 4. וועקסען, אנוועקסען, פעכען; 5. וואקסען, זיך פערגרעסערען; 6. אריבערגעהן פון איין צושטאנד אין אן אנדערען; ווערען.

4. The shoemaker **waxes** his thread. 5. The moon **waxes** and wanes. 6. He **waxes** strong.

wax'-can'dle *n.* (הוועקס'-קענ'דל) א וואקס=ליכט.

wax'-chand'ler *n.* (הוועקס'-טשענד'-לער) א וואקס=ציהער; איינער וואס מאכט אדער פערקויפט וואקסענע ליכט.

wax'-doll' *n.* (הוועקס'-דאל') א פופע אדער ליאלקע געמאכט פון אזא וואקס.

waxed end (הוועקסט ענד) א דראטווע, א שוסטער=פאדים.

wax'en *a.* (הוועקסן) געמאכט פון וואקס, בעדעקט מיט וואקס; עהנליך צו וואקס.

wax'-end' *n.* (הוועקס'-ענד') ז. ***waxed end***.

wax'er *n.* (הוועק'-סער) איינער וואס שמירט אדער בעדעקט עפעס מיט וואקס; אין א נעה=מאשין צו שטעפען לעדער און אנדערע הארטע שטאפען — א פאררינכטונג איינצורייבען דעם פאדים מיט וואקס.

wax'iness *n.* (הוועק'-סי-נעס) וועקסיגקייט, וואקסיגקייט, דאס האבען דעם כאראקטער אדער אויסזעהן פון וואקס.

wax'ing *n.* (הוועק'-סינג) דאס איינרייבען א פאדים מיט וואקס ביים שטעפען לעדער א. ד. ג.; אזא מעטאדע צו שווארצען און פאלירען לעדער.

wax'-light *n.* (הוועקס'-לאיט) א וועקסענע ליכט.

wax'-ma'ker *n.* (הוועקס'-מיי'-קער) א וואקס=ציהער. ז. ***wax-chandler***.

wax'-mod'eling *n.* (הוועקס'-מאד'-על-אינג) דאס מאכען פיגורען, ארנאמענטען און רעליעפען פון וואקס.

wax'-myr'tle *n.* (הוועקס'-מויר'טל) ז. ***bayberry***.

wax'-pa'per *n.* (הוועקס'-פיי'-פער) וואקס=פאפיער [אזא פאפיער וואס איז דורכגעזאפט מיט וואקס].

wax'-red *a.* (הוועקס'-רעד) פון א העלרויטען קאליר, ווי טריף=וואקס.

wax'-tree *n.* (הוועקס'-טריע) דער וואקס=בוים [אזא בוימעל פון די וואַרימע לענדער, מיט טונקעל=בלויע בלומען און מיט לאנגע אוואלע בלעטער, וועלכע זיינען בעדעקט מיט א מין וואקס].

Wax-tree

wax'work *n.* (הוועקס'-הוואירק) וואקס=ארבייט; וואקס=פיגורען.

wax'worker *n.* (הוועקס'-הוואיר-קער) איינער וואס מאכט וועקסענע פיגורען; א ביען וואס מאכט וואקס.

wax'y *a.* (הוועק'-סי) וועקסיג, ווי וואקס; ווייך, קנעטיג.

way *n.* (הוויי) 1. דער וועג, די שטראסע; 2. דער גאנג; 3. דער מהלך, די שטרעקע, די דיסטאנץ; 4. די ריכטונג; 5. דער פארטגאנג, דער פארטשריט; 6. דער געשעפטס=צווייג, די בעשעפטיגונג; 7. די הינזיכט, דער פרט; 8. דער צושטאנד, די לאגע; 9. די בעהאנדלונגס=ארט, די מעטאדע, דער פלאן; 10. די ארט און וויזע; די ארט, דער שטייגער; 11. דער געזיכטס=קרייז, די ספערע.

3. The house is but a little **way** from here. 4. He comes this **way**. 6. My father is connected with him in a business **way**. 7. You wrong me in every **way**. 8. He has recovered a little, but is still in a very bad **way**. 11. Business is not in my **way**.

way'-bag'gage *n.* (הוויי'-בעג'-עדזש) רייזע=באגאזש.

way'-bea'ten *a.* (הוויי'-ביע'טן) צושלאגען פון וועג, פערמאטערט.

way'-bill *n.* (הוויי'-ביל) א צעטעל פון פאסאזשירען אדער פון סחורות וואס ווערען געפיהרט איבער'ן לאנד.

way'bread *n.* (הוויי'-ברעד) ז. ***plantain***.

way'fare *v.* (הוויי'-פעהר) ארומגעהן, ארומשפאצירען, ארומפאהרען.

way'farer *n.* (הוויי'-פעהר-ער) א פאהרער, א רייזענדער; איינער וואס געהט צופוס פון איין שטאדט אין א צווייטער.

way'faring *a.* (הוויי'-פעהר-אינג) וואס רייזט, וואס געפינט זיך אויף א רייזע; וואס געהט צופוס פון איין שטאדט אין אן אנדערער.

way'faring-tree *n.* (הוויי'-פעהר-אינג-טריע) דער וועג=בוים [א מין בוימעל מיט פיעל צווייגען וואס געפינט זיך זעהר אפט ביי די וועגען].

way'-gate *n.* (הוויי'-גיים) די פערטיעפונג, אין וועלכער עס שטראמט אראב דאס וואסער פון א מיהל=ראד.

way'going *a.* (הוויי'-גאו-אינג) אוועקגעהענד; וואס פאהרט אב, וואס געהט אוועק.

way-in' *n.* (הוויי-אין') דער אריינגאנג.

way'lay *v.* (הוויי'-ליי) לויערען, טשאטעווען, ארויסקוקען אויף אימעצען [ווי צו בעראבעווען איהם].

way'layer *n.* (הוויי'-ליי-ער) א לויער.

רער; איינער וועלכער ליעגט פערבארגענע ארויסקוקענדיג אויף אז אנדערען [הויפטזעכליך מיט'ן צוועק צו בעפאלען און צו בערויבען].

way'less *a.* (הוויי'-לעס) אהן א וועג.

way'-ma'ker *n.* (הוויי'-מיי'-קער) א וועג-מאכער, א פיאנער.

way'-mark *n.* (הוויי'-מארק) א וועג-צייכען, א וועג-ווייזער.

way-out' *n.* (הוויי-אוט') דער ארויסגאנג.

way'-pas'senger *n.* (הוויי'-פעס'-ענ-דזשער) א פאסאזשיר וואס ווערט גענומען אדער אבגעשטעלט אין מיטען וועג.

ways and means (הווייז ענד מיענז) די מיטלען צו דערגרייכען אדער אויספיהרען עפעס; אין געזעצגעבונג — מיטלען צו בעקומען געלד פאר די בעדירפניסע פון דער מלוכה.

way'-shaft *n.* (הוויי'-שעפט) אין א דאמפף-מאשין — דער וואל אדער שטאנג וועלכער ברייננט אין בעוועגונג דעם שיעבּווענטיל [ז. ***slide-valve***].

way'side *n. and a.* (הוויי'-סאיד) די זייט פון וועג; וואס וואקסט אדער וואס געפינט זיך ביי דער זייט פון וועג.

way'-sta'tion *n.* (הוויי'-סטיי'-שאן) א סטאציאן צווישען צוויי הויפט סטאציאנען פון אן אייזענבאהן.

way-through' *n.* (הוויי-טהרוה') דער דורכגאנג.

way'-train *n.* (הוויי'-טריין) א צוג וואס שטעלט זיך אב אויף אלע סטאציאנען פון דער אייזענבאהן.

way'ward *a.* (הוויי'-הווארד) פערדרימליך, בייז; איינגענזיניג, פער'עקשנ'ט, הארטנעקיג; אונבעשטענדיג, ניט רעגעלמעסיג.

way'-war'den *n.* (הוויי'-הוואהר'דן) א וועג-אויפזעהער, איינער וואס גיט אכטונג אויף'ן וועג.

way'wardly *adv.* (הוויי'-הווארד-לי) אויף א פערדרימליכען, בייזען אדער קאפריזנעם שטייגער.

way'wardness *n.* (הוויי'-הווארד-נעס) בייזקייט, קאפריזנעקייט.

way'wise *a.* (הוויי'-הוואיז) וואס קען גוט דעם וועג; וואס קען אויסגעפינען א וועג.

way'wode *n.* (הוויי'-הוואוד) ז. ***voivode***

way'worn *a.* (הוויי'-הוואורן) פערמאטערט פון וועג, ערמידעט פון רייזען.

W. C. T. U. ראשי תבות פון די ווערטער ***Woman's Christian Temperance Union*** [א פרויען-געזעלשאפט, וואס האט די אויפגאבע צו בעקעמפפען דעם געברויך פון אלקאהאלישע מישקאות].

We. ***Wednesday*** פערקירצונג פון [מיטוואך].

we *pr.* (הוויע) מיר.

weak *a. and v.* (הוויעק) שוואך, קראפטלאז; שוואכליך, קרענקליך, אונגעזונד, שלאף; ניט פעסט, אונבעפעסטיגט; מאכען שוואך, אבשוואכען; שוואך ווערען.

weak'-built *a.* (הוויעק'-בילט) שוואך געבויט, מיט א שוואכען פונדאמענט.

wea'ken *v.* (הוויעקן) אבשוואכען, שוואך מאכען; שוואך ווערען.

weak'ener *n.* (הוויעק'-נער) אן אבשוואכער, איינער אדער עפעס וואס מאכט שוואך.

weak'er sex (הוויעק'-ער סעקס) דאס צארטערע אדער שוואכערע געשלעכט [דאס ווייבליכע געשלעכט].

weak'-eyed *a.* (הוויעק'-איד) מיט שוואכע אויגען, שוואכזיכטיג, מיט א שוואכער ראיה.

weak'fish *n.* (הוויעק'-פיש) דער שוואך-מויל, אזא געשמאקער פיש פון אטלאנטישען אקעאן וואס האלט זיך ביי די ברעגען פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

Weakfish

weak'-han'ded *a.* (הוויעק'-הענ'-דעד) מיט שוואכע הענד; אונמעכטיג.

weak'-head'ed *a.* (הוויעק'-העד'-עד) מיט א שוואכען קאפ, טעמפ, דום, נאריש.

weak'-hear'ted *a.* (הוויעק'-האר'-טעד) שוואכהערציג, אהן מוטה, אהן קוראזש.

weak'-hinged *a.* (הוויעק'-הינדזשד) שלעכט באלאנסירט, שוואך בעפעסטיגט, ניט אין גלייכגעוויכט.

weak'-kneed *a.* (הוויעק'-ניעד) מיט שוואכע קניע, ניט פעסט אויף די פיס; אונענטשלאסען.

weak'ling *n. and a.* (הוויעק'-לינג) א שוועכלינג, א שוואך בעשעפעניש; שוואך.

weak'ly *a. and adv.* (הוויעק'-לי) שוואכליך, ניט גענוג שטארק; אויף א שוואכען שטייגער.

weak'-min'ded *a.* (הוויעק'-מאינ'-דעד) שוואכזיניג, מיט א שוואכען קאפ, מיט שוואכע פעהיגקייטען.

weak'-min'dedness *n.* (הוויעק'-מאינ'-דעד-נעס) שוואכזיניגקייט, שוואכקעפיגקייט.

weak'ness *n.* (הוויעק'-נעס) שוואכקייט, שלאפקייט.

weak'-sigh'ted *a.* (הוויעק'-סאי'-טעד) שוואכזיכטיג, מיט א שוואכער ראיה.

weak'-spir'ited *a.* (הוויעק'-ספיר'-אי-טעד) קליינמוטיג, ווייכהערציג, שרעקעדיג.

weal *n.* (הוויעל) וואוילקייט, רייכקייט, הצלחה; דאס וואוילזיין, דאס גליק.

wealth *n.* (הוועלטה) רייכטום, פערמעגען, רייכקייט, עשירות; איבערפלוס, שפע, פיעלקייט.

weal'thily *adv.* (הוועל'-טהי-לי) אויף א רייכען שטייגער, רייך.

weal'thiness *n.* (הוועל'-טהי-נעס) רייכטום, רייכקייט, פערמעגליכקייט.

weal'thy *a.* (הוועל'-טהי) רייך; מיט איבערפלוס, שפע'דיג.

wean *v.* (הוויען) אנטוועהנען [פון דער מוטער'ס ברוסט]; אבגעוועהנען, דערווייטערען.

wea'nel *n.* (הוויע'-נעל) ז. ***weanling***

wean'ling *n.* (הוויענ'-לינג) אן אנטוועהנט קינד אדער טהיער.

weap'on *n.* (הוועפ'-אן) א וואפע, כלי זיין, א געוועהר; אין נאטור-געשיכטע — עטוואס וואס דיענט אלס פערטיידיגונגס-מיטעל ביי חיות אדער פלאנצען [ווי א דארן אדער שטאכעל אין א פלאנצע, אדער א שטאכעל, נאגעל, הארן, צאהן א. ז. וו. פון א חיה].

weap'oned *a.* (הוועפ'-אנד) בעוואפענט.

weap'onless *a.* (הוועפ'-אנ-לעס) אונבעוואפענט, אהן געוועהר.

weap'on-smith *n.* (הוועפ'-אנ-סמיטה) א וואפען-שמיעד.

wear *v. and n.* (הוועהר) 1. טראגען [ווי קליידער]; 2. טראגען; ארויסציינען, ארויסווייזען; 3. אבטראגען, אבניצען; 4. זיך טראגען; 5. אברייבען; אויסרייבען; 6. ערמיערען, אויסמאטערען; 7. צוגעוועהנען, ארויפפיהרען; 8. אבמעקען; 9. אויסקירעווען [א שיף] מיט דעם הינטערטייל צום ווינד; 10. זיך אבטראגען, זיך אבניצען; ווערען אויסגעריבען; 11. אויסהאלטען, זיך האלטען, דויערען; 12. שטופענווייז פערגעהן אדער פערשווינדען; 13. לאנגזאם זיך בעוועגען; שטופענווייז אנקומען אדער פראגרעסירען; 14. ווערען אויסגעקירעוועט מיט דעם הינטערטייל צום ווינד [ווענען א שיף]; 15. דאס טראגען [ווי קליידער, ציערונג א. ז. וו.]; גענברויך; 16. קליידונגס-וואארע; 17. קליידונג; מאדע; 18. אבטראגונג, אבניצונג; געברויך.

4. This suit will **wear** well. 6. He **wears** out his opponents. 11. He **wears** as a friend. 12. The day **wears** away. 17. He is a dealer in women's **wear**.

wear *n.* (הוויער) ז. ***weir***

wear'able *a. and n.* (הוועהר'-עבל) וואס קען געטראגען ווערען [ווענען קליידער]; א בגד, א קלייד.

wear and tear (הוועהר ענד טעהר) אבניצונג, אבטראגונג.

In cost accounting we must allow for **wear and tear** of machinery.

wear away' (הוועהר ע-הוויי') אבטראגען, אבניצען; מאכען פערגעהן, אבווישען; ווערען אבגעטראגען, ווערען אבגעניצט; פערגעהן, פערשווינדען.

wear'er *n.* (הוועהר'-ער) איינער וואס טראגט אויף זיך [ווי א קלייד, א שווערד, א בארד א. ז. וו.]; דאס וואס ניצט אב, טראגט אב אדער רייבט אב.

wear horns (הוועהר האהרנז) טראגען הערנער [ווענען אן אבגענארטען מאן וואס די פרוי איז איהם אונטריי].

wear'iable *a.* (הוויער'-אי-עבל) וואס קען מיעד ווערען.

wear'ied *a.* (הוויער'-איד) מיעד, אויסגעמאטערט.

wear'iful *a.* (הוויער'-אי-פול) ערמיעדענד, נודנע, לאנגווייליג.

wear'ifully *adv.* (הוויער'-אי-פול-אי) אויף א לאנגווייליגען אופן.

wear'ily *adv.* (הוויער'-אי-לי) מיעד; לאנגווייליג.

wear'iness *n.* (הוויער'-אי-נעס) מיעדקייט, אויסגעמאטערטקייט; לאנגווייליגקייט, נודנעקייט.

wear'ing *n. and a.* (הוועהר'-אינג) דאס טראגען; אבניצונג, אבטראגונג; פערלויף; דאס פערגעהן, דאס פערשווינדען; א מלבוש, קליידער; ערמיעדענד, אויסמאטערנד; אבניצענד, אבטראגענד.

wear'ing-appar'el *n.* (הוועהר'-אינג-ע-פער'-על) קליידער.

wear'isome *a.* (הוויער'-אי-סאם) ערמיעדענד, אויסמאטערענד; מאנאטאנע, לאנגווייליג, נודנע, לעסטיג.

wear'isomely *adv.* (הוויער'-אי-סאם-לי) אויף אן ערמיעדענדען, לעסטיגען אדער לאנגווייליגען אופן.

wear'isomeness *n.* (הוויער'-אי-סאם-נעס) לעסטיגקייט, לאנגווייליגקייט, נודנעקייט.

wear one's heart upon' one's sleeve (הוועהר חוואנז הארט א-פאן' הוואנז סליעוו) האבען אויף דער צונג וואס עס איז אויף דער לונג.

wear out (הוועהר אוט) אבניצען, אבטראגען; פערברייגגען, פערשווענדען [לאנגזאם און לאנגווייליג די צייט]; אבמעקען, אברייבען, אויסמעקען; ערמיעדען, פערמאטערען, אויסמאטערען; פלאגען, קוועלען.

wear the black cloth (הוועהר טהי בלעק קלאהטה) זיין א גלח.

wear the breech'es (הוועהר טהי בריטש'-עז) טראגען די הויזען [וועגען א פרוי וואס געוועלטיגט איבער'ן מאן].

wear well (הוועהר הוועל) זיך גוט טראגען; אויסהאלטען, זיך האלטען אדער בלייבען אין א גוטען צושטאנד.

wear'y *a. and v.* (הוויער'-אי) מיעד; איבערדריסיג; ערמיעדענד, פערמאטערענד; לעסטיג; ערמיעדען, מיעד מאכען, פערמאטערען; מיעד ווערען; בעלעסטיגען, לאנגווייליען; בייגקען, געלוסטען.

wear'y out (הוויער'-אי אוט) אויסמאטערען, ערשעפפען.

wea'sand *n.* (הוויע'-זענד) די לופטרעהר פון האלז, דער גארגעל.

wea'sel *n.* (הוויעזל) א וויזעל [א בלוטדורשטיג חיה'לע וואס נעהרט זיך מיט קליינע חיות און פויגלען].

wea'sel-faced *a.* (הוויע'זל-פייסט) מיט דינע, שפיציגע געזיכטסציגע.

wea'sel-fish *n.* (הוויע'זל-פיש) ז. *whistle-fish*.

weath'er *n., a. and v.* (הוועטה'-ער) דאס וועטער; אן אומענדערונג פון וועטער; אן ענדערונג; אן ענדערונג פון שיקזאל; וואס ליעגט צו דער ווינד-זייט, אין דער ריכטונג פון וועלכער דער ווינד בלאזט; אויסשטעהן אדער אויסהאלטען א שטורם-ווינד; ווידערשטעהן, אויסהאלטען; אריבערקומען, בייקומען, איבערווינדען [א שוועריגקייט]; לופטערען; טריקענען אויף דער לופט; אוועקנעהמען דעם קאליר, טיילווייז צוברעקלען אדער צופיצלען [וועגען שטיינער אונטער דער ווירקונג פון דער לופט]; אין ארכיטעקטור — געבען אן עטוואס-קרומע ריכטונג אדער משופע'דיגקייט צו אן אונגעפעהר האריזאנטאלער פלעכע, אום דאס רעגען-וואסער זאל קענען אראברינען פון דארט; אין זעע-פאהרט — פארבייפאהרען [א פלאץ] אנטקעגען דעם ווינד; זיך ענדערען אונטער דער ווירקונג פון וועטער אדער אטמאספערע [ווי שטיינער]; ווידערשטעהן, אויסשטעהן אדער אויסהאלטען די ווירקונג פון וועטער.

weath'er-bea'ten *a.* (הוועטה'-ער-ביע'טן) 1. געשלאגען אדער בעשעדיגט פון שלעכטען וועטער; 2. פערהארטעוועט, זייענדיג צוגעוועהנט צו יעדען וועטער.

1. The weather-beaten roof of the cottage is leaking badly. 2. He is a weather-beaten sailor.

weath'er-bit'ten *a.* (הוועטה'-ער-ביט'ן) בעשעדיגט אדער אבבלאקירט אונטער דער ווירקונג פון וועטער.

weath'er-board *v. and n.* (הוועטה'-ער-באורד) בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז מיט ברעטער, וועלכע ווערען אריבערגעלעגט מיט די ברעגען איינע איבער די אנדערע ווי שינדלען [אום דער רעגען זאל ניט קענען אריין צווישען זיי]; א ברעט צו בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז.

weath'er-boar'ding *n.* (הוועטה'-ער-באור'-דינג) דאס בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז מיט ברעטער, וועלכע ווערען אריבערגעלעגט איינע איבער די אנדערע ווי שינדלען; די ברעטער צו בעשלאגען די אויסענזייט פון א הילצערנעם הויז.

weath'er-bound *a.* (הוועטה'-ער-באונד) צוריקגעהאלטען אדער פערהאלטען פון שלעכטען וועטער.

weath'er-box *n.* (הוועטה'-ער-באקס) א וועטער-הייזעל [אן אינסטרומענט אין דער פארם פון א קליין הייזעל, וואס ארבייט אויטאמאטיש אזוי, אז די פיגור פון א מאן קומט ארויס פארויסצוזאגען רעגען און די פיגור פון א פרוי פארויסצוזאגען שעהן וועטער].

weath'er-brained *a.* (הוועטה'-ער-בריינד) ז. *feather-brained*.

weath'er-bree'der *n.* (הוועטה'-ער-בריע'-דער) א שעהנער טאג נאך וועלכען עס קומט א שטורם.

Weath'er Bu'reau (הוועטה'-ער. ביו'-ראו) די וועטער-ביורא [א ביורא פון דעם מיניסטעריום פון ערד-ארבייט אין וואשינגטאן אויף וועלכען עס ליעגט די אויפגאבע צו קלייבען און פערשפרייטען ידיעות וועגען וועטער].

weath'er-cast *n.* (הוועטה'-ער-קעסט) וועטער-נביאות.

weath'er-cas'ter *n.* (הוועטה'-ער-קעס'-טער) א וועטער-נביא.

weath'er-chart *n.* (הוועטה'-ער-טשארט) א וועטער-קארטע [א לאנדקארטע וואו עס ווערען אנגעצייכנט אלע איינצעלהייטען וועגען וועטער איבער א גרויסען שטח לאנד].

weath'ercock *n.* (הוועטה'-ער-קאק) א וועטער-האהן; א פליוגער, א ווינד-פאהן [צו צייגען די ריכטונג פון ווינד]; א לייכטזיניגער, ניט געזעצטער מענש.

weath'er-deck *n.* (הוועטה'-ער-דעק) אן אונבעשיצטער דעק פון א שיף וועלכער איז אויסגעזעצט צו דער ווירקונג פון וועטער.

weath'er-driv'en *a.* (הוועטה'-ער-דריוו'ן) געטריבען פון ווינטען אדער שטורמס.

weath'ered *a.* (הוועטה'-ערד) בעשעדיגט אדער אבבלאקירט פון דער לופט אדער שלעכטען וועטער; פערהארטעוועט אונטער דער ווירקונג פון וועטער; אין ארכיטעקטור — עטוואס משופע'דיג [אום עס זאל קענען אראברינען דאס רעגען-וואסער].

weath'er-fend *v.* (הוועטה'-ער-פענד) שיצען געגען וועטער.

weath'er-flag *n.* (הוועטה'-ער-פלעג) א פלאג וואס דיענט אלס א וועטער-סיגנאל; איינער פון די פלאגען וואס ווערען געברויכט פון וועטער-ביורא [ז. *Weather Bureau*] אנצוצייגען דאס וועטער, וואס מען ערווארטעט אין א געוויסער געגענד אין פערלויף פון די קומענדע 36 שטונדען.

weath'er-fore'cast *n.* (הוועטה'-ער-פאור'-קעסט) וועטער-נביאות; פארויסזאגונגען וועגען וועטער פאר א טאג אדער צוויי, וועלכע ווערען טעגליך פערעפענטליכט פון דעם וועטער-ביורא. ז. *Weather Bureau*.

weath'er-gage *n.* (חוועטה'-ער-גיידזש) א בעסערע לאגע בנוגע צום ווינד; א גרעסערע נאהענטקייט צום ווינד [אלס פערגלייך צווישען צוויי שיפען]; פארצוג, אויבערהאנד.

weath'er-glass *n.* (הוועטה'-ער-גלעס) א וועטער-גלאז, א וועטער-מעסטער; א טערמאמעטער, א באראמעטער. ז. *barometer* און *thermometer*.

weath'er-har'dened *a.* (הוועטה'-ער-הארדנד) פערהארטעוועט געגען וועטער, צוגעוועהנט צו יעדען וועטער.

weath'er-house *n.* (הוועטה'-ער-האוס) ז. *weather-box*.

weath'ering *n.* (הוועטה'-ער-אינג) אין ארכיטעקטור — אן עטוואס קרומע ריכטונג אדער משופע'דיגקייט וואס ווערט צוגעגעבען צו אן אונגעפעהר האריזאנטאלער פלעכע, אום דער רעגען זאל קענען לייכט אראברינען פון דארט; די ווירקונג פון דער לופט אויף פעלזען אדער שטיינער וואס בעשטעהט אין דער ענדערונג פון זייער קאליר און זייער טיילווייזער צוברעקלונג.

weath'erliness *n.* (הוועטה'-ער-לי-נעס) דאס קענען זעגלען שנעל אנטקעגען דעם ווינד אהן אבווייכונג פון דעם ריכטיגען וועג [וועגען א שיף].

weath'er-lore *n.* (הוועטה'-ער-לאור) דער אבערגלויבען און די שפריכווערטער וואס האבען א שייכות צום וועטער.

weath'erly *a.* (הוועטה'-ער-לי) וואס קען זעגלען שנעל אנטקעגען דעם ווינד אהן אבווייכונג פון. דעם ריכטיגען וועג [וועגען א שיף].

weath'er-map *n.* (הוועטה'-ער-מעפ) ז. *weather-chart*.

weath'er-mol'ding *n.* (הוועטה'-ער-מאול'-דינג) ז. *dripstone*.

weath'ermost *a.* (הוועטה'-ער-מאוסט) צום סאמע ווינד; וואס ליעגט צום סאמע ווינד.

weath'er-nota'tion *n.* (הוועטה'-ער-נא-טיי'-שאן) וועטער-נאטאציאן, וועטער-בעצייכנונג, די ראשי תבות וואס ווערען געברויכט אויף וועטער-קארטען [ווי *r* אנשטאט *rain*, *s* אנשטאט *snow* א. ז. וו.].

weatherol'ogy *n.* (הוועטה-ער-אל'-א-דזשי) מעטעאראלאגיע [א הומאריסטישער נאמען פאר *meteorology*]

weath'er-plant *n.* (הוועטה'-ער-פלענט) די וועטער-פלאנצע, די אינדישע לאקריץ-פלאנצע [וועגען וועלכער עס ווערט בעהויפטעט, אז מען קען לויט סמנים אויף איהר פארויסזאגען דאס וועטער].

weath'er-proof *a.* (חוועטה'-ער-פרוהף) וועטער-שטארק, וועטער-פעסט [וואס קען אויסהאלטען א שלעכט וועטער].

weath'er-proph'et *n.* (הוועטה'-ער-פראפ'-עט) א וועטער-נביא; אן אינסטרומענט פארויסצוזאגען דאס וועטער [ווי א וועטער-הייזעל]. ז. *weather-box*.

weath'er-report' *n.* (הוועטה'-ער-רי-פאורט') א וועטער-בעריכט [א טעגליכער בעריכט פון א וועטער-ביורא וועגען וועטער און זיינע וואהרשיינליכע ענדערונגען].

weath'er-ser'vice *n.* (הוועטה'-ער-סויר'-וויס) א וועטער-דעפארטאמענט [א רעגיערונגס-דעפארטאמענט, אויף וועלכען

עס ליעגט די אויפגאבע צו קלייבען און פערשפרייטען ידיעות וועגען וועטער].

weath'er-shore *n.* (הוועטה'-ער-שאור) דער ברעג [פון ים] פון וואנען דער ווינד בלאזט.

weath'er-side *n.* (הוועטה'-ער-סאיד) די ווינד=זייט [די זייט פון וועלכער דער ווינד בלאזט].

weath'er-sig'nal *n.* (הוועטה'-ער-סיג'-נעל) א וועטער=סיגנאל [א סיגנאל, ווי א פלאג, אנצוצייגען דאס וועטער, וואס מען ערווארטעט אין א געוויסער געגענד].

weath'er-spy *n.* (הוועטה'-ער-ספאי) א וועטער=נביא.

weath'er-stain *n.* (הוועטה'-ער-סטיין) א וועטער=פלעק [אן אבבלאקירונג אדער ענדערונג פון פארב וואס איז געווארען דורך דער ווירקונג פון וועטער].

weath'er-stained *a.* (הוועטה'-ער-סטיינד) אבבלאקירט אדער געענדערט אין פארב דורך דער ווירקונג פון וועטער.

weath'er-sta'tion *n.* (הוועטה'-ער-סטיי'-שאן) א וועטער=סטאציאן [א פלאץ, וואו טעגליכע מעטעאראלאגישע בעאבאכטונגען ווערען געמאכט און בעריכטעט צו א צענטראלער וועטער=ביורא].

weath'er-sym'bol *n.* (הוועטה'-ער-סימ'-באל) א וועטער=סימבאל, א וועטער=צייכען [צו פערצייכנען דאס וועטער אויף מעטעאראלאגישע קארטען].

weath'er-vane *n.* (הוועטה'-ער-וויין) א וועטער=פאהן, א ווינד=פאהן, א פליוגער, א וועטער=האהן [צו צייגען די ריכטונג פון ווינד].

weath'er-wise *a.* (הוועטה'-ער-הוואיז) וואס קען טרעפען די פאגאדע, וואס קען פארויסזאגען דאס וועטער.

weath'er-work *n.* (הוועטה'-ער-הוואירק) א בעשיצונג געגען ווינדען און שטורעמס.

weath'er-worn *a.* (הוועטה'-ער-הוואורן) אבגעריבען, בעשעדיגט אדער אבגעבלאקירט פון וועטער אדער פון דער לופט.

weave *v. and n.* (הוויעוו) וועבען; פלעכטען; איינוועבען, אריינפלעכטען, צוזאמענוועבען, צוזאמענפלעכטען; פערפאסען, אויסטראכטען, צונויפשטעלען, אויסארבייטען; דאס וועבען; דאס געוועב.

wea'ver *n.* (הוויע'-ווער) א וועבער; דער וועבער=פויגעל [ז. *weaver-bird*]; א שפין וואס וועבט שפינוועבס; דער פעטער=פיש [ז. *weever*].

wea'ver-bird *n.* (הוויע'-ווער-בוירד) דער וועבער=פויגעל [א פויגעלע פון די ווארימערע טיילען פון אזיען, אפריקא און אויסטראליען וואס מאכט א געוועבטע נעסט אויף א פלינקען און קונסטפאלען אופן].

wea'ver-fish *n.* (הוויע'-ווער-פיש) ז. *weever*.

wea'ver-shell *n.* (הוויע'-ווער-שעל) ז. *weaver's-shuttle*.

wea'ver's-shut'tle *n.* (הוויע'-ווערז-שאט'ל) אזא וואסער=בעשעפעניש מיט א מושעל וואס איז עהנליך צו א וועב=שיפעל.

Weaver's-shuttle

wea'vers' shut'tle-shell (הוויע'-ווערז שאט'ל-שעל) ז. *weaver's shuttle*.

wea'zand *n.* (הוויע'-זענד) ז. *weasand*.

wea'zel *n.* (הוויעזל) ז. *weasel*.

wea'zen *a.* (הוויעזן) ז. *wizen*.

wea'zened *a.* (הוויעזנד) ז. *wizen*.

web *n. and v.* (הוועב) א געוועב; געוועבטעס צייג; א ראלע פון אנגעוויקעלטען שטאף; א גרויסע ראלע פון אנגעוויקעלטען פאפיער וואס ווערט געברויכט ביים דרוקען צייטונגען; א ברייטע דינע פלאטע; דאס קלינגעל פון א זעג; די מעטאלענע פלאטע וואס פעראייניגט צוויי טיילען פון עפעס; דאס בערדעל פון א שליסעל; דער ארם אדער שטאנג פון א הויבעל; דער פלאכער ווייכער טייל פון א פעדער; דאס שווים=הייטעל צווישען די פינגער פון א שווים=פויגעל אדער שווים=חיה; שפינוועב, פאוועטינע; א פאסטקע אריינצוכאפען אימעצען אדער עפעס; אין אנאטאמיע — א פערבינדונגס=געוועב [יענער טייל פון קערפער וואס בעשטעהט פון פאזערען אדער הייטלעך, איבערגעווארפען איינע איבער די אנדערע צו אונטערהאלטען פעטס און אנדערע ווייכע שטאפען]; בעדעקען מיט א געוועב, איינוויקלען; פעראייניגען מיט א הייטעל [ווי די פינגער פון א שווים=פויגעל].

web'bing *n.* (הוועב'-אינג) א שטארקעס, גראבעס געוועב; די שווים=הייטלעך פון פויגלען.

web'by *a.* (הוועב'-אי) וואס איז שייך צו א געוועב; עהנליך צו א געוועב; ווי א הייטעל.

web'-foot *n.* (הוועב'-פוט) א פוס, ביי וועלכען די פינגער זיינען פעראייניגט דור א הייטעל [ווי ביי די שווים=פויגעל].

web'-foot'ed *a.* (הוועב'-פוט'-עד) וואס די פינגער פון די פיס זיינען פעראייניגט מיט א הייטעל [ווי ביי שווים=פויגעל].

web'-foot'edness *n.* (הוועב'-פוט'-עד-נעס) דאס האבען פיס, ביי וועלכע די פינגער זיינען פעראייניגט דורך א הייטעל.

web'-machine' *n.* (הוועב'-מע-שין') ז. *web-press*.

web'-press *n.* (הוועב'-פרעס) א ראטאציאנס=מאשין צו דרוקען צייטונגען.

web'ster *n.* (הוועב'-סטער) א וועבער.

web'-toed *a.* (הוועב'-טאוד) ז. *web-footed*.

wed *v.* (הוועד) הייראטען, חתונה האבען; פערהייראטען; פעראייניגען, פערבינדען; זיין שטארק צוגעבונדען צו עפעס [ווי צו א געוועהנהייט אדער מיינונג].

Wed. פערקירצונג פון *Wednesday*

wed'ded *a.* (הוועד'-עד) פערהייראט; פערבונדען מיט...

wed'der *n.* (הוועד'-ער) איינער וואס פערהייראט; א שעפס, א באראן [ז. *wether*].

wed'ding *n.* (הוועד'-אינג) א האכצייט, א חתונה.

wed'ding-bed *n.* (הוועד'-אינג-בעד) דאס בעט פון א פאר פאלק וואס האבען ערשט חתונה געהאט.

wed'ding-cake *n.* (הוועד'-אינג-קייק) ז. *bride-cake*.

wed'ding-cards' *n.* (הוועד'-אינג-קארדז') איינלאדונגס=קארטען צו א חתונה.

wed'ding-chest *n.* (הוועד'-אינג-טשעסט) דער קאסטען וואו א כלה האלט איהרע חתונה=קליידער אדער איהר אויסשטאטונג.

wed'ding-clothes' *n.* (הוועד'-אינג-קלאוטהז') חתונה=קליידער.

wed'ding-day *n.* (הוועד'-אינג-דיי) דער האכצייטס=טאג, דער טאג פון דער חתונה, דער חופה=טאג.

wed'ding-dow'er *n.* (הוועד'-אינג-דאו'-ער) נדן.

wed'ding-dress *n.* (הוועד'-אינג-דרעס) א חתונה=קלייד.

wed'ding-fa'vor *n.* (הוועד'-אינג-פיי'-ווער) א בינטעל ווייסע סטענגעס, א ראזעטקע א. ז. וו. וואס מען טראגט אויף א חתונה.

wed'ding-feast *n.* (הוועד'-אינג-פיעסט) א חתונה=מאהלצייט.

wed'ding-gar'ment *n.* (הוועד'-אינג-גאר'-מענט) א חתונה=קלייד.

wed'ding-gown *n.* (הוועד'-אינג-גאון) א האכצייטס=קלייד, א חתונה=קלייד, א חופה=קלייד.

wed'ding-night *n.* (הוועד'-אינג-נאיט) די חתונה=נאכט.

wed'ding-ring *n.* (הוועד'-אינג-רינג) א חתונה=פינגערעל, א טרוי=רינג; א טבעת קדושין.

wed'ding-song *n.* (הוועד'-אינג-סאהנג) א חתונה=ליעד, א ליעד וואס ווערט געזונגען אויף א חתונה לכבוד חתן=כלה.

wedge *n. and v.* (הוועדזש) א קליין; עפעס וואס האט די פארם פון א קליין [ווי א קליין=פערמיגע מאסע סאלדאטען]; א משכון, א פפאנד; צושפאלטען מיט א קליין; פערקלינעווען, אריינשלאגען א קליין, פערפעסטיגען מיט א קליין.

Wedge

wedge'bill *n.* (הוועדזש'-ביל) דער קליין=שנאבעל, א מין זשום=פויגעלע. ז. *humming-bird*.

wedge'-bone *n.* (הוועדזש'-באון) א קייל=ביין אדער קליין=ביין [א ביינדעל ביי דער פעראייניגונג פון צוויי רוקען=ביינדלעך].

wedged *a.* (הוועדזשד) ז. *wedge-shaped*.

wedge'-photom'eter *n.* (הוועדזש'-פא-טאמ'-ע-טער) אזא אינסטרומענט צו מעסטען די העלקייט פון שטערען.

wedge'-press *n.* (הוועדזש'-פרעס) אזא פרעס אויסצודריקען אויל פון זוימען.

wedge'-shaped *a.* (הוועדזש'-שייפט) קליין=ארטיג, ווי א קליין.

Wedg'wood ware (הוועדזש'-הוואוד הוועהר) וועדזשוואוד=געשיר. ז. *pebbleware*.

wedg'y *a.* (הוועדזש'-אי) קליין=פערמיג; וואס זעהט אויס ווי א קליין.

wed'lock *n. and v.* (הוועד'-לאק) הייראט, הייראטס=שטאנד; פערהייראטען, חתונה מאכען.

Wednes'day *n.* (הוועדנז'-דיי) מיטוואך.

wee *a. and n.* (הוויע) קליין, זעהר קליין; א פיצעל; זעהר א קליינער מהלך; זעהר א קורצער צייט=דויער.

weed *n. and v.* (הוויעד) אונקרויט, פאלאוויע, אוננוציגע גראזען וואס וואקסען צווישען זאנגען, בלומען און גארטען=פלאנצען; א שלעכטעס וועט=לויף=פערד; א ציגאר; טאבאק; א קלייד, אן אויבער=מאנטעל; בגדים; א מין קראנקהייט פון פערד; יעטען, פאלען [ארויסרייסען די אונקרויט]; אויסווארצלען, אויסראטען; בעפרייען פון עפעס שעדליכעס.

wee'der *n.* (הוויע'-דער) א יעטער; איי=

נער אדער עפעס וואס רייסט אויס די אונקרויט; א פערטילינגער, א פערניכטער.

weed'-hook *n.* (הוויעד'-הוק) א יעט־העקעל.

wee'diness *n.* (הוויע'-די-נעס) דאס זיין פול מיט אונקרויט אדער פאלאוויע.

wee'ding *n.* (הוויע'-דינג) דאס יעטען, דאס פאלען, דאס ארויסרייסען די אונקרויט אדער פאלאוויע.

wee'ding-chis'el *n.* (הוויע'-דינג-טשיז'-על) אזא אינסטרומענט אין דער פארם פון א דלאט צו יעטען א פעלד אדער גארטען.

wee'ding-fork *n.* (הוויע'-דינג-פאהרק) אזא מין גאפעל וואס ווערט בענוצט צו יעטען א פעלד אדער גארטען פון אונקרויט.

wee'ding-hook *n.* (הוויע'-דינג-הוק) ז. *weed-hook*.

wee'ding-tool *n.* (הוויע'-דינג-טוהל) א יעט־געצייג [א געצייג אויסצואווארצלען אונגוציגע אדער שעדליכע גראזען].

weed'less *a.* (הוויעד'-לעס) פריי פון אונגוציגע אדער שעדליכע גראזען.

wee'dy *a.* (הוויע'-די) פול מיט אונגוציגע אדער שעדליכע גראזען; ווי אונקרויט אדער פאלאוויע; אונווירדיג [וועגען א וועט־לויף־פערד וואס האט ניט די קראפט אדער געשווינדקייט אויסצוהאלטען א וועט־לויף].

week *n.* (הוויעק) א וואך; די זעקס ארבייטס־טעג פון וואך [אויסער זונטאג אדער שבת]; א ווינקעל [ווי די ווינקלען פון מויל אדער פון אויג].

week'-day *n.* (הוויעק'-דיי) א וואכעדיגער טאג, איינער פון די טעג אין דער וואך אויסער שבת אדער זונטאג.

week'-end *n. and v.* (הוויעק'-ענד) די ענד פון דער וואך [געוועהנליך פון פרייטאג אבענד ביז מאנטאג פריה, וועלכע מען בענוצט אלס פרייע צייט]; בענוצען די ענדע פון דער וואך אלס פרייע צייט [ווי אין שולען א. ד. ג.].

week'ly *a., adv. and n.* (הוויעק'-לי) וועכענטליך; אלע וואך, יעדע וואך; איין מאל אין וואך; א וואכענבלאט, א וועכענטליכע צייטונג.

week'ly pa'per (הוויעק'-לי פיי'-פער) א וואכענבלאט [א צייטונג וואס גיעהט ארויס איין מאל אין וואך].

week'ly publica'tion (הוויעק'-לי פאב-לי-קיי'-שאן) א וואכענשריפט. ז. *weekly paper*.

week'-ten'ant *n.* (הוויעק'-טען'-ענט) א שכן, וואס צאהלט דירה־געלד אלע וואך.

week'-wa'ges *n.* (הוויעק'-הוויי'-דזשעז) וואכען־שכירות, שכירות אדער בעלוינונג פאר ארבייט וואס דער ארבייטער בעקומט יעדע וואך.

ween *v.* (הוויען) מיינען, דענקען.

weep *v.* (הוויעפ) וויינען, קלאגען, פערגיסען טרעהרען; בעוויינען, בעקלאגען; לאזען פאלען טראפענווייז, טריפען וואסער, רעגנען; ארויסלאזען פייכטקייט, זיין פייכט; האבען אראבהענגענדע צווייגען [וועגען א בוים].

wee'per *n.* (הוויע'-פער) א וויינער, א וויינעריז, א קלאגער, א קלאגעריז; איינער אדער איינע, וועלכע מען דינגט צו בעוויינען א געשטארבענעם; א טרויערבאנד, א טרויער־צייכען; די קאפוציין־אפע [אזא דרום־אמעריקאנישע אפע].

wee'ping *a. and n.* (הוויע'-פינג) וויינענד; א געוויין, א קלאג.

wee'ping-birch *n.* (הוויע'-פינג-בוירטש) די טרויער־בירקע [אזא בירקענבוים אדער בעריאזע מיט אראבהענגענדע צווייגלעך].

wee'ping-grounds *n.* (הוויע'-פינג-גראונדז) א פייכטער אדער נאסער באדען.

wee'pingly *adv.* (הוויע'-פינג-לי) מיט געוויין; אין טרעהרען.

wee'ping-ripe *a.* (הוויע'-פינג-ראיפ) גרייט צו וויינען.

wee'ping-spring *n.* (הוויע'-פינג-ספרינג) א קוואל פון וועלכען דאס וואסער טריפט זעהר לאנגזאם.

wee'ping-wil'low *n.* (הוויע'-פינג-הוויל'-או) די טרויער־ווערבע [אן אנגעבויגענע ווערבע מיט אראבהענגענדע צווייגלעך].

weep I'rish (הוויעפ אי'-ריש) אויסדריקען מיטגעפיהל דורך קלאגען און וויינען.

wee'ver *n.* (הוויע'-ווער) דער פעטער־פיש [אזא פיש מיט זעהר שטייפע און שפיציגע שטאכלען וואס שטארצען ארויס פון רוקען און פון בויך].



Weever

wee'ver-fish *n.* (הוויע'-ווער-פיש) ז. *weever*.

wee'vil *n.* (הוויעוויל) דער ווייבעל, דער קארן־ווארים [אזא קליין זשוקעל וואס ערנעהרט זיך מיט פלאנצען און שעדיגט תבואות].

wee'viled *a.* (הוויעווילד) פול מיט קארן־ווערים [ווי תבואה]. ז. *weevil*.

wee'villed *a.* (הוויעווילד) ז. *weeviled*.

wee'villy *a.* (הוויע'ויל-אי) ז. *weeviled*.

wee'vily *a.* (הוויע'ויל-אי) ז. *weeviled*.

weft *n.* (הוועפט) דער קווער־פאדים פון א געוועב [דער פאדים וואס געהט אין דער ברייט פון קרייקע ביז קרייקע].

wehr'wolf *n.* (הוואיר'-הוואולף) ז. *werwolf*.

weigh *v. and n.* (הוויי) 1. וועגען, אבוועגען, אויסגעפינען דאס געוויכט פון א זאך; 2. נאכדענקען, זיך איבערלעגען, אבשאצען דעם ווערטה אדער די מעלות פון עפעס; 3. דריקען אויף אימעצען אדער עפעס, זיין ווי א משא אדער לאסט; 4. אויפהויבען עפעס אין דער הויך און לאזען עס הענגען [ווי אן אנקער]; 5. וועגען, האבען געוויכט; 6. זיין וויכטיג, בעטראכט ווערען אלס א בעדייטענדע זאך; 7. א וואג, א געוויכט־מאס.

2. Let us **weigh** the advantages and disadvantages of your scheme. 3. His troubles **weigh** him down. 6. All beautiful sentiments **weigh** less than a single good deed.

weigh'able *a.* (הוויי'-עבל) וועגבאר; וואס האט א געוויכט; וואס מען קען אבוועגען.

weigh'age *n.* (הוויי'-עדזש) דאס געצאהלט פאר אבוועגען סחורות.

weigh an'chor (הוויי ענ'-קאר) אויפהויבען דעם אנקער; לאזען גיהן די שיף.

weigh'-beam *n.* (הוויי'-ביעם) א וואג אויף א הייצערנעם אדער אייזערנעם פעדך צו וועגען משאות אויף אייזענבאהן־סטאנציעס אדער ביי האפענס; אזא וואג געברויכט אין צאל־אמט [טאמאזשניע].

weigh'-bridge *n.* (הוויי'-ברידזש) אזא מאשין אבצואוועגען א וואגען מיט דער משא וואס ער ענטהאלט.

weigh'-can *n.* (הוויי'-קען) א רעזערוואואר פערבונדען מיט א וואג.

weigh down (הוויי דאון) אראבוועגען, אראבדריקען; איבערוויעגען.

weigh'er *n.* (הוויי'-ער) א וועגער, איינער וואס וועגט; א וואג־מייסטער.

weigh'ership *n.* (הוויי'-ער-שיפ) דאס אמט פון א וואג־מייסטער.

weigh'-house *n.* (הוויי'-האוס) א וואג־הויז [א געביידע, וואו מען וועגט סחורות].

weigh in (הוויי אין) אין ספארט — בעשטימען איינעמס געוויכט פאר דעם וועטקאמפף.

weigh'ing *n.* (הוויי'-אינג) דאס וועגען; אזוי פיעל, וויפיעל עס קען אבגעוואויגען ווערען מיט איין מאל.

weigh'ing-cage *n.* (הוויי'-אינג-קיידזש) א שטייג, אין וועלכער מען וועגט בהמות און עופות.

weigh'ing-house *n.* (הוויי'-אינג-האוס) ז. *weigh-house*.

weigh'ing-machine' *n.* (הוויי'-אינג-מע-שין') א וואג־מאשין [א מאשין צו וועגען וואגענס מיט משא].

weight *n. and v.* (הוויט) דאס געוויכט, די שווערקייט, די שווער־קראפט; א געוויכט־שטיק, א וואג [ווי א פונט, א פוד א. ד. ג.]; א מאסע, א געוויסע קוואנטיטעט פון שטאף; דאס נידערדריקענדע, די לאסט, עפעס וואס דיענט ארויסצורופען א דרוק אויף אן אנדער זאך; געוויכט, וויכטיגקייט, ווירקזאמקייט, דאס אנזעהן, דער איינפלוס; צוגעבען געוויכט אדער שווערקייט; אין פארבען צייג — צוגעבען מינעראלען אדער אנדערע שטאפען געמישט מיט דער פארב, כדי דאס צייג זאל אויסזעהן דיקער און שווערער.

weigh'tily *adv.* (הוויי'-טי-לי) אויף א געוויכטיגען, שווערען אופן; מיט וויכטיגקייט.

weigh'tiness *n.* (הוויי'-טי-נעס) געוויכטיגקייט, שווערקייט; וויכטיגקייט.

weight'less *a.* (הוויט'-לעס) אהן געוויכט, ניט שווער, לייכט; ניט וויכטיג, אונבעדייטענד.

weigh'ty *a.* (הוויי'-טי) געוויכטיג, שווער; וואס ליעגט ווי א בארג אויף די פלייצעס, שווער אריבערצוטראגען; וויכטיג, בעדייטזאם, ערנסט.

weir *n.* (הוויער) א דאמבע, א וואנד וואס ווערט געשטעלט אין מיטען פון א טייך אדער שטראם, כדי דאס וואסער זאל זיך אויפהויבען; דער טייל פון א דאמבע, וואס ענטהאלט אין זיך א טויער, דורך וועלכען דאס וואסער פליסט דורך; אן אבצאמונג אין א טייך וואס דיענט צו פאנגען פיש.

weird *n., a. and v.* (הוויערד) דאס מזל, דאס גליק; א נביאות; א כשוף, א צויבער; וואס הענגט אב פון מזל; וואס געהערט צו כשוף; איבערנאטירליך; בעצויבערען, פער'כשוף'ען; איבערבייטען עפעס דורך כשוף; בעשווערען.

weird'ly *adv.* (הוויערד'-לי) אויף אן איבערנאטירליכען שטייגער; דורך כשוף.

weird'ness *n.* (הוויערד'-נעס) דאס זיין

כשוף'דיג אדער געהיימניספול; מאָרנעקייט, אונגעוועהנליכקייט.

weird sis'ters (הוויערד סיס'-טערז) ז. ***Fates***

weir'-fish'ing *n.* (הוויער'-פיש'-אינג) דאס פאנגען פיש דורך אן אבצאמונג וואס מען מאכט אין א טייך.

we'ism *n.* (הוויע'-איזם) דאס געברויכען צו אפט דעם פירנאמען ***we*** [מיר].

Weis'mannism *n.* (וואיס'-מאנ-איזם) וויסמאניזם, די לעהרען פון דייטשען ביאָלאג אוגוסט וויסמאן, איינער פון די גרינדער פון נעא=דארוויניזם. ז. ***neo-Darvinism***

Welch peach (הוועלטש פיעטש) א וויילם=פערסיק [אזא פרוכט עהנליך צו א גרויסער געלב=רויטליכער פלוים]. ז. איל. ***"Cultivated Fruits"***

wel'come *a., n. and v.* (הוועל'-קאם) ווילקאמען, פריינדליך אויפגענומען; אנגענעהם, ליעב; א פריינדליכע אויפנאהמע, א ברוך=הבא; אויפנעהמען פריינדליך; אבגעבען א ברוך הבא.

wel'comeness *n.* (הוועל'-קאם-נעס) ווילקאמענהייט, א פריינדליכע אויפנאהמע.

wel'comer *n.* (הוועל'-קאם-ער) איינער וואס נעהמט פריינדליך אויף.

weld *v. and n.* (הוועלד) צוזאמענשמיעדען; פעראייניגען; א פעסטע פעראייניגונג דורך צוזאמענשמיעדען אדער צוזאמענשווייסען; זיך צוזאמענשמיעדען; די וואו [אזא גראז. ז. ***dyer's-weed***].

weldabil'ity *n.* (הוועל-דע-ביל'-אי-טי) דאס קענען צונויפגעשמיעדט אדער צוזאמענגעשווייסט ווערען; דאס קענען פעראייניגט ווערען.

wel'dable *a.* (הוועל'-דעבל) וואס קען צוזאמענגעשמיעדט אדער צוזאמענגעשווייסט ווערען.

wel'der *n.* (הוועל'-דער) איינער אדער עפעס וואס שמיעדט אדער שווייסט צוזאמען [ווי צוויי שטיקער מעטאל]; איינער אדער עפעס וואס פעראייניגט.

wel'ding-machine' *n.* (הוועל'-דינג-מע-שין') א מאשין, וועלכע פעראייניגט אדער שמיעדט צוזאמען די ברעגען פון צוויי מעטאלענע פלאטען.

wel'ding-pow'der *n.* (הוועל'-דינג-פאו'-דער) א פולווער וואס ווערט בענוצט ביים צוזאמענשווייסען די ברעגען פון צוויי מעטאלענע פלאטען.

wel'fare *n.* (הוועל'-פעהר) וואוילשטאנד, גליק.

welk *n.* (הוועלק) ז. ***whelk***

welked *a.* (הוועלקט) ז. ***whelky***

wel'kin *n. and a.* (הוועל'-קין) דער הימעל, דער הימעלס=געוועלב; הימעל=בלוי.

wel'ky *a.* (הוועל'-קי) ז. ***whelky***

well *n., v., a. and adv.* (הוועל) א ברונען; א קוואל; עטוואס וואס דערמאנט אן א ברונען [ווי א טינטער]; אין א געביידע — דער חלל אדער די עפנונג וואס ציהט זיך דורך אלע עטאזשען און דורך וועלכער עס געהען די טרעפ אדער דער פאהר=שטוהל [עלעוואטאר]; אין א פישער=שיף — דער פיש=בעהאלטער [א מין קאסטען אנגעפילט מיט וואסער וואו פישער האלטען די געפאנגענע פיש]; די פערטיעפונג וואס בילדעט זיך אויס אין מיטען פון א ווירבעל=שטראם [א שטראם וואסער אין א קרייז=פערמיגער בעוועגונג]; רווע'ען; ארויספליסען פון א קוואל; גיסען פון עפעס; וואויל, גוט; רעכט; געזונד; צופריעדענשטעלענד; גינסטיג, פאסענד, נוצליך; אין דערווירקליכקייט, פאקטיש; נו, נון.

well'-acquain'ted *a.* (הוועל'-ע-קהויינ'-טעד) גוט בעקאנט.

well'aday *int.* (הוועל'-ע-דיי) ז. ***wellaway***

well'-advised' *a.* (הוועל'-עד-וואיזד') לויט א גוטען ראטה אדער נאכדענקען; איבערלעגט.

well affec'ted to (הוועל ע-פעק'-טעד טו) פריינדליך געשטימט צו עטוואס אדער צו אימעצען.

well'-anear' *adv.* (הוועל'-ע-ניער') גאר אין גיכען, באלד.

well'-appoin'ted *a.* (הוועל'-ע-פאינ'-טעד) גוט אויסגעריכט; בעזארגט מיט אלץ וואס עס איז נויטיג.

well'away *int.* (הוועל'-ע-הוויי) אך! א! וועה!

well'-bal'anced *a.* (הוועל'-בעל'-ענסט) וואס איז געהאלטען אין ריכטיגער גלייכגעוויכט; אין ארדנונג; גוט איינגעריכטעט.

well'-behaved' *a.* (הוועל'-בי-הייווד') מיט גוטער אויפפיהרונג; ארטיג, אנשטענדיג, העפליך.

well'-be'ing *n.* (הוועל'-בי'-אינג) דאס וואוילזיין, גליק.

well'-belov'ed *a.* (הוועל'-בי-לאוו'-עד) שטארק בעליעבט; זעהר טייער.

well'-besee'ming *a.* (הוועל'-בי-סיע'-מינג) זעהר ווירדיג, וואויל=פאסענד.

well'-boat *n.* (הוועל'-באוט) א פישערשיף מיט א פיש=בעהאלטער [אן ארט אין דער שיף אנגעפילט מיט וואסער, וואו מען האלט געפאנגענע פיש].

well'-born *a.* (הוועל'-באהרן) פון שעהנער געבורט; פון א יחוס'דיגער אבשטאמונג.

well'-bred *a.* (הוועל'-ברעד) גוט ערצויגען, ארטיג, עדעל; פון א גוטער פאראדע אדער אבשטאמונג [וועגען הויזטהיערע].

well'-built *a.* (הוועל'-בילט) גוט געבויט.

well'-complex'ioned *a.* (הוועל'-קאמ-פלעק'-שאנד) וואס זעהט אויס גוט, וואס האט א גוטע געזיכטס=פארב.

well'-condi'tioned *a.* (הוועל'-קאנ-דיש'-אנד) אין גוטע בעדינגונגען; אין א גוטען צושטאנד; אין א גוטער לאגע.

well'-conduc'ted *a.* (הוועל'-קאנ-דאק'-טעד) גוט געפיהרט, גוט געלייטעט; פון א גוטער, אנשטענדיגער אויפפיהרונג.

well'-curb *n.* (הוועל'-קירב) דער געלענדער ארום א ברונען.

well'-defined' *a.* (הוועל'-די-פאינד') גוט בעשטימט; גוט אויסגעארבייט [ווי למשל, א פלאן].

well'-disposed' *a.* (הוועל'-דיס-פאוזד') גוט געזינט, וואויל=מיינענד, מיט גוטע אבזיכטען.

well'-do'er *n.* (הוועל'-דוה'-ער) איינער וואס טהוט גוטעס.

well'-do'ing *n. and a.* (הוועל'-דוה'-אינג) א גוטע טהאט, א גוטע אויפפיהרונג; מעשים=טובים; וואס טהוט גוטעס.

well'-drain *n. and v.* (הוועל'-דריין) אן אבלייטונגס=גרוב [א גרוב אבצוציהען וואסער פון נאסען לאנד]; טריקענען לאנד דורך אבציהען דאס וואסער אין אן אבלייטונגס-גרוב.

well'-drill *n.* (הוועל'-דריל) אזא אינסטרומענט צו בויערען א ברונען.

well'-earned *a.* (הוועל'-אוירנד) מיט רעכט פערדיענט.

The punishment he received was **well-earned.**

well enough' (הוועל אי-נאף') גאנץ גוט, נישט קשה'דיג.

well'-famed *a.* (הוועל'-פיימד) זעהר בעריהמט.

well'-fa'vored *a.* (הוועל'-פיי'-ווארד) ליעבליך, חנ'עוודיג; שעהן, אנגענעהם.

well'-fed *a.* (הוועל'-פעד) אבגעקארמעט, פעט, דיק.

well'-found *a.* (הוועל'-פאונד) וואס איז ווערטה אנערקענט צו ווערען; לויבענסווערטה.

well'-foun'ded *a.* (הוועל'-פאונ'-דעד) גוט בעגרינדעט; וואס האט א פעסטען באדען אונטער זיך; וואס האט א גענינגענדע אורזאכע.

well'-graced *a.* (הוועל'-גרייסט) בעליעבט.

well'-groun'ded *a.* (הוועל'-גראונ'-דעד) ז. ***well-founded***

well'-head *n.* (הוועל'-העד) דער אורשפרונג פון א קוואל.

well'-hole *n.* (הוועל'-האול) א טרעפרוים [די עפנונג אדער לאך וואס ציהט זיך אין א געביידע דורך אלע עטאזשען און דורך וועלכער עס לויפען דורך טרעפ]; דאס ארט אין א פישער=שיף וואו מען האלט די געפאנגענע פיש.

well'-informed' *a.* (הוועל'-אינ-פאהרמד') גוט אינפארמירט, וואס האט ידיעות אין פערשיעדענע ענינים.

well'-inten'tioned *a.* (הוועל'-אינ-טענ'-שאנד) מיט גוטע אבזיכטען; גוט געמיינט.

His action was **well-intentioned** but proved injurious to me.

well'-judged *a.* (הוועל'-דזשאדזשד) גוט אויסגערעכענט, גוט בעטראכט.

well'-knit *a.* (הוועל'-ניט) שטארק געבויט.

well'-known *a.* (הוועל'-נאון) גוט בעקאנט.

well'-look'ing *a.* (הוועל'-לוק'-אינג) וואס זעהט אויס גוט; מיט א גוטען אויסזעהן.

well'-made *a.* (הוועל'-מייד) גוט געמאכט.

well'-man'nered *a.* (הוועל'-מענ'-ערד) מיט גוטע מאניערען; גוט ערצויגען; העפליך.

well'-mea'ner *n.* (הוועל'-מיע'-נער) איינער וואס מיינט גוט; איינער וואס האט גוטע אבזיכטען.

well'-mea'ning *a.* (הוועל'-מיע'-נינג) גוט געזינט, וואס מיינט גוט.

well'-meant *a.* (הוועל'-מענט) גוט געמיינט, מיט א גוטער אבזיכט.

well'-min'ded *a.* (הוועל'-מאינ'-דעד) פריינדליך גענייגט, מיט א פריינדליכער בעציהונג.

well'-na'tured *a.* (הוועל'-ניי'-טשורד) גוטהערציג; גוט גענייגט.

well'-nigh' *adv.* (הוועל'-נאי') ביינאהע, פאסט, כמעט.

well off (הוועל אף) אין א גוטען צושטאנד; וואהלהאבענד, פערמעגליך.

well oiled tongue (הוועל אילד טאנג) מיט א גלאטען צינגעל.

well'-or'dered *a.* (הוועל'-אהר'-דערד)

גוט געארדענט, גוט איינגעריכטעט, גוט רעגולירט, גוט פערוואלטעט.

well'-plea'sing *a.* (הוועל'-פליע'-זינג) אנגענעהם, ליעבליך, געפעליג.

well'-pump *n.* (הוועל'-פאמפ) א ברונען-פומפ.

well'-read *a.* (הוועל'-רעד) בעלעזען, שטארק בעלעזען.

He is well-read in all the social sciences.

well'-room *n.* (הוועל'-רוהם) א ברונעם-צימער, א קוואל-שטיבעל; דער קורזאל [דאס הויז איבער א קוואל וואו מען טרינקט דאס וואסער]; אן ארט אין א שיף וואו עס קלייבט זיך אן וואסער.

well'-set *a.* (הוועל'-סעט) גוט געזעצט, גוט צוזאמענגעשטעלט; סימעטריש געבויט.

well'-sin'ker *n.* (הוועל'-סינ'-קער) א ברונעם-גרעבער.

well'-spo'ken *a.* (הוועל'-ספאו'קן) גוט גערעדט, מיט גוטער אויסשפראך; פריינדליך אדער העפליך ריידענד.

